3 9097 00959192 7

Brandeis University
Library

As for the wise, their body alone perishes in this world – Rashi

Di Tsukunft.

די צוקונפט

גענרינדעט אין 1892

אַ פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע, ליטעראַריש־סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט

1914

רעדאַקטירט פון

א ליעסין

ארויסגעגעבען פון

פאָרווערטס-אססאָסיאיישאַן

ניו יאָרק

THE ZUKUNFT

אינהאלט-פערצייכניס פאר'ן יאהר 1914

ציימ־פּראַגען

די אנטי־אימיגראציאָנס גזרות — א. ליעסין 1
דער קאמפּף ביי די קלאָוקמאַכער — מ. ווינטשעווסקי 22
דער באָיקאָט אין פּוילען — ש. ראָזענפעלד 43
די שפּאַלטונג אין דער סאָצ.־דעמ. דומא־פראקציע — דר. מאַקס גאָלדפארב........ 63
צום 25 יעהריגען יובילעאום פון די אידישע געווערקשאַפטען — א. ליעסין 115
קלאָוקמאַכער פּראבלעמען — מ. ווינטשעווסקי........ 118
973 ,22 צוריקגעשיקטע — א. ליעסין 217
די פּרייע ליעבע צווישען קאפּיטאל און ארבייט — יצחק אייזיק הורוויטש 222, 351
נאָך קלאָוקמאכער פּראָבלעמען — מ. ווינטשעווסקי 239
די ארבייטער און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ — פּ. ליבמאַן 245
דער דייטשער מיליטאַריזם און די סאָצ.־דעמאָ. (די פּאסירונגען אין צאבערן) — פּאוולאָוויטש 292
די פּויליש־אידישע בעציהונגען און דער „בונד“ — דר. מאַקס גאָלדפארב. 306
רוסלאַנד און אַמעריקאַ — א. ליעסין........ 336
די אידישע ערציהונג אין ניו יאָרק (ביוראָ אָף עדיוקיישאָן) — בן־לוי........ 390
דער ערשטער מאַי און די צוויי מלחמות — א. ליעסין........ 451
האַלט עס ווירקליך ביי א מלחמה צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד? — מ. ב. 487

PJ5111 T7 V.19 1914

דער ברודער־קאַמפּף אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — מ. אבראמאָוויטש .. 504, 614
די ראקעפעלערס אין קאָלאָראַדאָ — ב. ריווקין ... 572
מלחמה מיט מעקסיקאָ אָדער שלום? — דר. נ. סירקין ... 576
די צוויי גרויסע אינטערנײשאָנאל קאָנווענשאָנס — הלל ראָגאָף ... 585
לודלאָו, און וואָס די בלוטיגע פּאַסירונג לערנט אונז — יודזשין וו. דעבס ... 670
נאַטהאַן און דער קאַטאָלישער באָיקאָט — א. ליעסין ... 672, 791
די לאַגע אין פראַנקרייך און דער סאָציאַליסטישער זיעג — ג. אַלעקסינסקי ... 691
די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שוהלען — א. גלאַנץ ... 709
מעקסיקא און די אמעריקאנער וועלט־פּאָליטיק — פּיליפּ קראַנץ ... 773
די מלחמה און די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — א. ליעסין ... 876
א בליק אויף די רעזולטאַטען פון וועלט קריעג — פּיליפּ קראַנץ ... 891
ענגלאנד און דייטשלאַנד (די עקאָנאָמישע אורזאכען פון דער מלחמה) — דר. ל. לעווין ... 932
ענגלאנד, רוסלאנד און דער וועלט־קריעג — א. ליעסין ... 986
די מלחמה און דער אמעריקאנער קאמפּיין — דר. מ. גאָלדפאַרב ... 986
דער צאַר, די פּאָליאַקען און די אידען — ק. זאלעווסקי ... 994
דער קאַמפּף פון די שניידער געגען זייער דזשענעראַל אָפּיס — הלל ראגאָף ... 1004
קעמפּיין נאָטיצען — דער קעמפּיין אויף דער איסט־סייד — א. ליעסין ... 1084
דער סאָציאַליסטישער קעמפּיין און די מלחמה — טשעסטער מ. רייט ... 1088
גלין און וואַיטמאַן — הלל ראָגאָף ... 1092
די ארמעען אויפ׳ן שלאַכטפעלד — וואלאנטיאר (פּאוולאָוויטש) ... 1096, 1231
די לאַגע אין דייטשלאַנד — דר. מ. נאחימסאָן ... 1106
אונזער גרויסער זיעג — א. ליעסין ... 1197
מיינע אויפגאַבען און פלענער — מאיר לאָנדאָן ... 1201
טערקיי און די מלחמה — דר. ל. לעווין ... 1215
די מלחמה און די דייטשע סאָצ.־דעמאָקראטיע —דר. מ. נאחימסאן ... 1219
ענגלאנד, אינדיען און די מלחמה — י. ע. מיליוס ... 1272

סאָציאַל־פּאָליטיק און סאָציאַל־וויסענשאַפט

דער אַרבייטער ענטשעדיגונגס־געזעץ — מ. אָפּענהיימער ... 5
די אידישע יוניאָנס אין 1913 — בעאָבאַכטער ... 12
וואָס איז אַזוינס פילאָזאָפיע? — ל. ב. בודין ... 17
א העכסט וויכטיגער געהיימער דאָקומענט — מ. פּאַוולאָוויטש ... 53
די אַמעריקען פעדערײשאָן אָף לייבאָר — ליליפּוט ... 96
די נעגער פראַגע פון סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט — הובערט העררימאָן ... 129
אַרבייטס־געזעצע אין תלמוד — דר. א. גינזבורג ... 133
רוסלאנד און ענגלאנד — מ. פּאוולאָוויטש ... 156
דער פּוילישער באָיקאָט אין גאליציען — ב. רובשטיין ... 195
דער אינקאָם־טעקס — דר. פרענק ראָזענבלאַט ... 232
די אידישע דימענט־אַרבייטער — י. פּאדרוזשניק ... 268
די מאָנרא דאָקטרין אַמאָל, היינט און אין דער צוקונפט — פּיליפּ קראַנץ ... 277, 358
דער סאָציאַליזמוס אין אייראָפּאַ — מ. באַ־אַנאָוו ... 311
א יאָהר ווילסאָן — הלל ראָגאָף ... 340
די געלע פּרעסע און די אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים — מ. פּאַוולאָוויטש ... 363
דער קאַמפּף געגען אַרבייטסלאָזיגקייט — דר. ז. ק. ... 395
דר. ח. זשיטלאָווסקי, אלס פילאָזאָף — א. יפה ... 409, 499, 623
סאָציאַליזם און אידישקייט — דר. א. גינזבורג ... 422
ווילסאָנ׳ס אויסלענדישע פּאָליטיק — הלל ראָגאָף ... 455
קינדער־אַרבייט אין די פעראייניגטע שטאאטען — י. מ. בודיש ... 460
די אימיגראַציאָן און דער פּאָליטישער קאַמפּף — מ. זאַמעטקין ... 470, 590
טויט־שטראָף אין תלמוד — דר. א. גינזבורג ... 475
אידישקייט און קאַפּיטאַליזם — יצחק אייזיק הורוויטש ... 552, 642
דער אידישער פּראָלעטאַריאט און די אידישע וואנדערונגען — פּ. ליבמאַן ... 603
ענגלאנד, פראַנקרייך און דער מלחמה־טראָסט — מ. פּאוולאָוויטש ... 635
אידישקייט און סאָציאַליזם — צביון ... 649
פּרעזידענט ווילסאָנ׳ס אַרבייטער פּאָליטיק — ל. ב. בודין ... 684
די ענגלישע סאפּראדזשעטקעס און די סאָציאל־דעמאָקראטיע — ת ראטשטיין ... 704
די אינטערנאַציאָנאַלע שותפים פון מלאך המות — מ. פּאוולאָוויטש ... 731, 822
ארבייטסלאָזיגקייט אין די פעראייניגטע שטאאטען — י. מ. בודיש ... 787
די אידיש־סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין אמעריקא — דר. מאקס גאָלדפארב ... 797
פיכטע און דער מארקסיזם — א. יפה ... 805
די אידען און די אַרבייטער־פּאַרטיי אין זיד־אַפריקאַ — א. קריטשמאַר־יזרעאלי ... 826
דער פּאַנגערמאַניזם — דר. האַנס היינץ עווערס ... 897
מאַרקס, לאַסאַל, ענגעלס אין דער וועלט־קריטיק — דר. נ. סירקין ... 899, 1037
דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט — דר. א סינטאווסקי ... 909
די שלום־זוכער ערב דער מלחמה — מ. פּאַוולאָוויטש ... 924
דער פּאַנסלאַוויזם — דר. ל. ראַווסקי ... 944
אינטערעסען און סענטימענטען אין היינטיגען וועלט־קריעג .. פּיליפּ קראַנץ ... 998

לאַסאַל'ס אייזערנער געזעץ און דער מאַרקסיזם — ת. ראַפּאַפּאָרט 1016
לאַסאַל אַלס פילאָזאָף — א. יפה 1025
אין דער וועלט פון סענטימענטען — דר. מ. גאָלדפאַרב 1114
קריעגס־קאַנטראַבאַנד און די פּרייז־געריכטען — דר. א. סינטאַווסקי 1134
דער יקרות — וו. קאַסאָווסקי 1145
דער סאָציאַליזם און די מלחמה — מאָרים הילקוויט 1209

ביאָגראַפיע, געשיכטע, קולטור און נאַטור־וויסענשאַפט

די אידישע יוגענד אין די 90ער יאָהרען — בעל מחשבות 67, 163
דר. יצחק קאַמינער — לעאָ דייטש 87
וויקטאָר אדלער און די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — לעאָ דייטש 139
העגריעטע הערץ — דר. אסתר לוריע 189
זיגמונד מאַגולעסקא — לעאָן קאָברין 383
ראַהעל לעווין — וואַרנהאַגען — דר. אסתר לוריע 189
מאַרקס און ענגעלס — מאָרים הילקוויט 549
דניאל דעליאָן — א. ליעסין 567
מאַרק נאַטאַנסאָן — לעאָ דייטש 606
מיכאַאיל באַקונין — לעאָ דייטש 720
מאַירבעער — י. פּיראַזשניקאָוו 737
דאָראָטהעא מענדעלסזאָהן — דר. אסתר לוריע 761
אהרן זונדעלעוויטש — לעאָ דייטש 831
זשאַן זשאַרעס — לעאָ דייטש 883
זשאַרעס אַלס דענקער — דר. מאַקס גאָלדפאַרב 918
פאַניע מאַרקוס לעוואַלד — דר. אסתר לוריע 955
פערדינאַנד לאַסאַל — לעאָ דייטש 1007
לאַסאַל אַלס יוריסט — דר. א. סינטאַווסקי 1019
די ערמאָרדונג פון זשאַן זשאַרעס — מ. פּאַוולאָוויטש 1041
די לויה פון זשאַן זשאַרעס — מ. פּאַוולאָוויטש 1119
אַנטאָן רובינשטיין — י. פּיראַזשניקאָוו 1151
באַראָנעסע פאַניע פאָן אַרנשטיין — דר. אסתר לוריע 1177
דר. יוסף אַפּטעקמאַן — ל. דייטש 1235
לאַסאַל און די פרויען — מ. ווינטשעווסקי 1263

ביאָגראַפיע און געשיכטע

טעאַטער ביי אידען אין צייט פון בית שני — ב. גאָרין 92
דער „עוויגער וואַנדערער" — הלל ראָגאָף 107
ריכאַרד דעהמעל — ל. פעלדשטיין 109
„וועגען פון א נשמה" פון משה וואַרשע — ב. ברכות 112
די אידישע ליטעראַטור אין יאָהר 1913 — אָלגין 202
אידישע פּיעסען אויף דער ענגלישער ביהנע — הלל ראָגאָף 207
אידישער יאָהרבוך פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן — ב. ר. 212
דער אָנהויב פון דער אידישער דראַמע — ב. גאָרין 300, 432, 539
טאַגאָר דער דיכטער פילאָזאָף פון אינדיען — ל. לאַקסאָן 321
די השכלה בעוועגונג אין רוסלאַנד פון דר. ס. רייזין — ב. וולאַדעק 330
די אידישע שפּראַך פון ל. עלבע — משה כ"ץ 331
איזראַעל זאַנגוויל — דר. נ. סירקין 444
„לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור" פון ז. רייזען — ש. ראָזענפעלד 448
די לעגענדע וועגען „אייביגען וואַנדערער" — א. יאַרמאָלינסקי 510
אויס דער אידישער ליטעראַטור (אברהם רייזען, סעגאַלאָוויטש) — אלגין 557
מיט די לייטענדע גייסטער. פון ה. בערנשטיין — משה כ"ץ 566
בריעף איבער דער אידישער ליטעראַטור — ש. ראָזענפעלד 662, 759, 854
ח. נ. ביאַליק, ליעדער — משה כ"ץ 667
די ערשטע אידישע קאָמעדיע — ב. גאָרין 742
יוסף יפה'ס ליעדער — בן־יקיר 770
די ערשטע אידישע דראַמאַטורגען אין רוסלאַנד — ב. גאָרין 845
דאָס אידישע פאָלקס־ליעד — דר. נ. סירקין 859
טאַראַס שעווטשענקאָ — ש. ראַבינאָוויטש 864
די לעגענדע וועגען אייביגען „איד" אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור — א. יאַרמאָלינסקי 950
א פערשפּעטיגטע טרעהר (צו אליקום צונזערס יאָהרצייט) — א. ליטווין 960
דער פּנקס — יהודה יפה 971, 1074
„שריפטען" 3טעס זאַמעלבוך — משה כ"ץ 975
„די נייע היים" 1טעס זאַמעלבוך — ב. ריוואָקין 977
ישראל אַקסענפעלד (צו דער געשיכטע פון אידישען טהעאַטער) — ב. גאָרין 1061
אויס דער אידישער ליטעראַטור (מנחם) — אָלגין 1072
די ערשטע טעאַטער פאָרשטעלונגען אין רוסלאַנד — ב. גאָרין 1161
פראַנק וועדעקינד — ל. פעלדשטיין 1185

493888

די אידישע פאָלקסשאַפונג אין בילדער (בעריל בראָדער) — א. ליטווין 1249
„רויזענבלעטער“, פון שמואל יעקב אימבער — אָלגין 1289

ערצעהלונגען, סקיצען און דראמען

טהיר נומער 2 (פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“) — לעאָן קאָברין 9, 168, 272
דער בריעף־שרייבער—אָסיפ דימאָוו 36
ביים קאַמין—יענטע סערדאצקי 56
די יורשים (דראַמאַ אין 4 אַקטען)—שלום אַש 71, 143
א פערשטערטער שבת—יונה ראָזענפעלד 124
דער יתום—משה סטאַווסקי 228, 419, 496
דער וועג צו זיך (ראָמאַן)—שלום אַש 249, 369, 479, 595, 697, 801, 914, 1030, 1109, 1225
דער פריהלינג געהט (איינאַקטער) — מאַרק אַרנשטיין 284
דער דאלאר (איינאַקטער) — דוד פינסקי 344
אין וואַלד — אָפּאַטאָשו 400
טהיר נומער 3 (פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)—לעאָן קאָברין 465, 580, 713, 814
דער סוד פון איהרע האָר — דוד איינהאָרן 518, 619, 728
דער טיקעט־אַגענט — אַלטער עפּשטיין 543
גליק — אָלגין 588
שוינדעל — מרים קאַרפּילאָוו 627
א שפּאַס — יונה ראָזענפעלד 676
דער אוצר — ז. ברכות 779
טשודע־גנב — מ. סטאַווסקי 794, 929, 1053
דער צאָהן־אַרצט — אָסיפ דימאָוו 840
דער נס פון אינגעלע לין — פּ. סאָלאָגוב 880
מיכל (איינאַקטער) — דוד פינסקי 903
דער משפט — י. אָפּאַטאָשו 938
אין אויטאָמאָביל — אברהם רייזין 990
ימים נוראים — מ. שעלובסקי 1041
אויפ'ן שלאַכטפעלד — אַלטער עפּשטיין 1067
טהיר נומער 4 (פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“) 1102
אבו שוואַרב — ז. ברכות 1128
ניט פערשפעטיגט — מ. אָשעראָוויץ 1141, 1242
דאָס צווייטע ווייב — מ. בארענשטיין 1158
ציגיינער — י. אָפּאַטאָשו 1172, 1256
שטאַרקער ווי דער טויט — ז. ברכות 1204
מייז טויט — רחל ברכות 1282

פּאָעזיע

דער אַרבייטס יום־טוב — מאָריס ראָזענפעלד 16
שנעע — ל. גאָרעליק 21
האַלבע נאַכט — מ. ל. האַלפּערן 26
דעם דיכטער'ס טרייסט.—א צווייטער טרוים (ליעדער) — ד. טשאַרני 35
דעם שליאַכטשיטש'עס דאַנק — יוסף יפה 52
די פערלאָזטע כלה — יואל סלאָנים 66
פון פרעמדע שפּראַכען — מאָריס ראָזענפעלד 117
ווינטער — משה טייטש 133
דריי פּעען — לייב נײדוס 139
אויפ'ן גליטש — י. י. שוואַרץ 162
אַ נאַכט־שפּאַציער — ה. רויזענבלאַט 167
דו האָסט געשענקט... — אב. וויקטאָר 201
דער ערשטער פריהלינג־שטראַהל — מ. אָרלין 221
ד'האָב די ליעבעס און די ליעבסטע — ד. טשאַרני 238
ביים ים — ב. שאפיר 244
זיי האָבען מיך קיינער ניט ליעב... — מ. ל. האַלפּערן 299
חבל על דאבדין — יוסף יפה 305
ווען די לעצטע שטראַהלען — הענרי גרינפעלד 310
דער שלאָס פון טויט — מ. באסין 320
דאָס טויטע שטעדטעל — י. אַדלער 324
שאטענס — יהואש 339
ערגעץ ווייט — לייוויק האלפּער 357
זיין קראַנקהייט האָט קיינער בעדויערט... — זעלדע קניזשניק 362
פריהלינג גלעקלאך — ה. רויזענבלאַט 394
א זון מיט א רעגען — לייב נײדוס 431
געזאַנג צום פריהלינג־שטורם — מאָריס ראָזענפעלד 454
די בענייאונג — ד. טשאַרני 459
דער ערשטער פריהלינגס־טאָג — מ. ל. האַלפּערן 474

פריהלינג — מ. באַסין ... 478
אין חודש מאַי — י. אַדלער ... 503
ד'עפען אַלע פענסטער — לייוויק האַלפּער ... 571
נקמה — מאַני לייב ... 575
פון מיין שטעדטעל — ב. שאפיר ... 642
פריהלינגס רעגען — ה. רויזענבלאַט ... 648
ביים ים הגדול — יהואש ... 671
פון די רוסישע פּאָעטען — א. ליעסין ... 690
אין וואַרטעניש — ה. רויזענבלאַט ... 708
איך האָב געזעהן אין שלאָף... — לייב נײדוס ... 735
געה איך זיך אין מיטען נאַכט — לייוויק האַלפּער ... 741
דעמערונג — מ. ה. לונער ... 753
משיח — דוד איינהאָרן ... 790
מיט אַ האַלבער וועלט צוקריעגט זיך... — י. ראָלניק ... 825
א קרעטשמע — י. י. שוואַרץ ... 850
די לעצטע טרעהרען — העגרי גרינפעלד ... 868
דעם ארבייטער'ס אורלויב — א. רייזען ... 890
צווישען די וויינגערטנער — יהואש ... 896
נאָך אַ רעגען — ה. רויזענבלאַט ... 923
אויף קבר אבות — י. אַדלער ... 954
בלומען — פּסח גינזבורג ... 959
א פריהלינגס־טרוים — ה. טייטעלבוים ... 963
נקמה — יוסף יפה ... 997
אויפ'ן שלאַכטפעלד — ה. רויזענבלאַט ... 1003
מיר האָבען געזאָטעלט זיין פערד — מאַני לייב ... 1060
געהט א מיידעל אויפ'ן בריק — לייוויק האלפּער ... 1073
דער בויט — מנחם ... 1091
דער חשון־ווינד — י. אַדלער ... 1095
גענפער זעע — דוד איינהאָרן ... 1117
אין וואַלד — יהואש ... 1150
אין געפענגניש — לייוויק האַלפּער ... 1166
ווייז זיך נאָך אַמאָל דו גוטע — א. ניסענזאָהן ... 1180
די פּערלאָזענע — מנחם ... 1200
פון פּ. סאלאגוב — מאַני לייב ... 1214
סאנעט — פראדעל שטאָק ... 1218
אויף די חורבות פון מקדש — דוד איינהאָרן ... 1234
פאַרנאַכט י. ראָלניק ... 1276

קונסט ארטיקלען

אידישע קונסט — פּראָפעסאָר באָרים שאַץ ... 99
קאמיל פּיסאַראָ — לעאָ קעניג ... 185
פּראָלעטאריער־קונסט (די מעניע־אויסשטעלונג) — סאול ראַסקין ... 313
מארגאנס־קאָלעקציע — סאול ראסקין ... 437
א שפּאַציער איבער'ן ברוקלינער מוזעאום — סאול ראסקין ... 532, 654
איסאאק לעוויטאן — ב. סקוטעלסקי ... 754
יואל לעוויט — סאול ראסקין ... 854
וו. ווערעשצאגין — אב. אסטראָווסקי ... 964
מלחמה אין דער מאהלעריי — אב. אסטראָווסקי ... 1076
די פּרימיטיווע מאהלעריי — ל. לאזאוויק ... 1167
די עגיפּטישע קונסט — ל. לאזאוויק ... 1277

פערשיעדענעס

די נאַטור־וואונדער פון אמעריקא (קאליפאָרניע) — ב. וולאַדעק ... 27
רעדאַקציאָנעלע נאָטיצען — א. ליעסין ... 113
יעללאוסטאן פארק — ב. וולאדעק ... 175
אן ענטפער צו דער רעדאַקציאָן פון „פאָרווערטס" — א. ליעסין ... 213
צווישען די ענגלישע זשורנאַלען — ש. ראַבינאָוויטש ... 325, 1081, 1188
דער גרענד קעניאן — ב. וולאַדעק ... 427
דער קעטסקיל עקווידאט — א. מערקין ... 747
צווישען די רוסישע זשורנאַלען — ש. ראַבינאָוויטש ... 561, 767
די „צוקונפט" און איהר היסטאָריקער — דר. פ. ראזענבלאט (בן־יקיר) ... 869
דער רויטער קרייץ — דר. אסתר לוריע ... 1057
טאמיע אטקינס, לע באן זשאַן און דער דומער אויגוסט — דר. ש. מלמד ... 1181
ווידער די „צוקונפט" און איהר היסטאָריקער — דר. פרענק ראָזענבלאַט, (בן־יקיר) ... 1284

אויטארען-פערצייכניס

צ. אבראמאוויטש — 504, 614
י. אדלער — 324, 503, 954, 1095
דוד איינהארן — 518, 619, 728, 790, 1117, 1234
אלגין — 202, 557, 588, 1072, 1289
ג. אלעקסינסקי 691
אבא אסטראווסקי — 964, 1076
י. אפאטאשו — 938, 400, 1172, 1256
מ. אפענהיימער — 5
מ. ארלין — 221
מארק ארנשטיין — 284
שלום אש — 71, 143, 249, 369, 479, 595, 697, 801, 914, 1030, 1109, 1225
מ. אשעראוויץ — 1141, 1242
מ. באסין — 320, 478
מ. באראנאוו — 311
מ. בארענשטיין — 1158
ל. ב. בודין — 17, 684
י. מ. בודיש — 460, 787
בן לוי — 390
בעאבאכטער (הלל ראגאף) — 12
בעל-מחשבות — 67, 163
ב. ברכות — 112
ז. ברכות — 779, 1128, 1204
רחל ברכות — 1282
דר. מאקס גאלדפארב — 63, 306, 786, 797, 918, 1114
ל. גארעליק — 21
ב. גארין — 92, 300, 432, 539, 742, 845, 1061, 1161
דר. א. גינזבורג — 133, 422, 475
פסח גינזבורג — 959
א. גלאנץ — 709
הענרי גרינפעלד — 310, 868
לעא דייטש — 87, 139, 606, 720, 831, 883, 1007, 1235
אסיף דימאוו — 36, 840
וו. דעבס — 670
לייוויק האלפער — 357, 571, 741, 1073, 1166
מ. ל. האלפערן — 26, 299, 474
יצחק אייזיק הורוויטש — 222, 351, 552, 642
מארים הילקוויט — 549, 1209
הובערט העריסאן — 129
וואלאנטיאר — 1096
מ. ווינטשעווסקי — 22, 118, 239, 1263
אב. וויקטאר — 201
ב. וולאדעק — 27, 145, 330, 427
ק. זאלעווסקי — 994
מ. זאמעטקין — 470, 590
ה. טייטעלבוים — 963
משה טייטש — 133
ד. טשארני — 35, 238, 459
א. יארמאלינסקי — 510, 950
יהואש — 339, 671, 896, 1150
א. יפה — 409, 449, 623, 895, 1025
יהודה יפה — 971, 1074
יוסף יפה — 52, 305, 997
משה כ"ץ — 331, 566, 667, 975
ל. לאזאוויק — 1167, 1277
מאיר לאנדאן — 1201
ל. לאקסאן — 321
מ. ח. לונער — 753
דר. אסתר לוריע — 189, 524, 761, 955, 1057, 1177
דר. ל. לעווין — 392, 1215
פ. ליבמאן — 245, 603
א. ליטווין — 960, 1249
ליליפוט — 96
א. ליעסין — 1, 113, 115, 213, 217, 336, 451, 567, 672, 690, 791, 876, 981, 1084, 1197
מאני-לייב — 575, 1060, 1214
י. ע. מיליום — 1272
דר. ש. מלמד — 1181
מנחם — 1091, 1200
א. מערקין — 747
דר. מ. נאחימסאן — 1106, 1219
לייב ניידוס — 139, 431, 735
א. ניסענזאהן — 1180
פ. סאלאגוב — 880
משה סטאווסקי — 228, 419, 496, 794, 929, 1053
דר. א. סינטאווסקי — 909, 1134, 1019
דר. נ. סירקין — 444, 576, 859, 899, 1037
יואל סלאנים — 66
יענטע סערדאצקי — 56
ב. סקוטעלסקי — 754
דר. האנס היינץ עווערס — 897
אלטער עפשטיין — 543, 1067
י. פאדרוזשניק — 268
מ. פאוולאוויטש — 53, 156, 292, 363, 487, 635, 731, 822, 924, 1044, 1096, 1119, 1231
דוד פינסקי — 344, 903
י. פיראזשניקאוו — 737, 1151
ל. פעלדשטיין — 109, 1185
צביון — 649
ז. ק. — 395
לעאן קאברין — 9, 168, 272, 383, 465, 580, 113, 814, 1102
וו. קאסאווסקי — 1145
מרים קארפילאוו — 267
זעלדע קניזשניק — 362
לעאן קעניג — 185
פיליפ קראנץ — 279, 358, 773, 891, 998
א. קריטשמאר יזרעאלי — 826
ש. ראבינאוויטש — 325, 561, 767, 864, 1081, 1188
הלל ראגאף — 12, 107, 207, 340, 455, 585, 1004, 1092
דר. ל. ראווסקי — 944
דר. פרענק ראזענבלאט (בן-יקיר) — 232, 770, 869, 1284
יונה ראזענפעלד — 124, 676
מארים ראזענפעלד — 16, 117, 454
ש. ראזענפעלד — 43, 448, 662, 759, 851
ת. ראטשטיין — 704
י. ראלניק — 825, 1276
ח. ראפאפארט — 1016
ה' רויזענבלאט — 167, 394, 648, 708, 923, 1003
ב. רובשטיין — 195
ב. ר. — 212
ב. ריווקין — 572, 977
אברהם רייזין — 890, 990
טשעסטער מ. רייט — 1088
ב. שאפיר — 244, 642
י. י. שווארץ — 162, 850
פראפ. ב. שאץ — 99
פראדעל שטאק — 1218
מ. י. שעלובסקי — 1041

Vol. XIX — JANUARY, 1914 — No. 1

א. ליעסין

די אנטי־אימיגראַציאָנס גזרות

די איינוואַנדערונגס־פראַגע האָט מען שוין פיעלע מאָל אין „צוקונפט" בעשפּראָכען. און מיר ווילען איצט בעטראַכטען די פראַגע ניט פון דעם שטאַנדפּונקט פון די גליקליכע, וואָס האָבען שוין זוכה געווען איבערצוטרעטען דעם שוועל פון אַמעריקא, נור פון'ם שטאַנדפּונקט פון די אומגליקליכע, וואָס זיינען נאָך אויף יענער זייט שוועל — פון דעם שטאַנדפּונקט פון די גרויסע מענשען־מאַסען, וואָס מוזען פון זייער אַלטער היים אויסוואַנדערן, וואָס זיינען געצוואונגען אונטער אַלע אומשטענדען זייער אַלטע היים צו פערלאָזען.

מיר שטעהען איצט ביים ענד פון א ביטערען, פינסטערען יאָהר — דעם יאָהר פון די באַלקאַנישע שווידערליכקייטען, פון דעם פּוילישען באָיקאָט, פון דער ביילים־בהלה.

די אידען אין די באַלקאַנישע לענדער זיינען אין גאַנצען רואינירט געוואָרען. אין די מלחמות, אין די פּאָגראָמען און אין די שחיטות זיינען זיי אומגעקומען מאַסענווייז. די לעבענגעבליבענע זיינען גרעסטענטהיילס בערויבט געוואָרען פון זייער אייגענטהום. און די געפאַהר איז גרויס, אז אונטער דער קריסטליכער הערשאַפט וועלען נאָך פיעלע פון זיי בערויבט ווערען אויך פון זייערע רעכטע. פערצווייפעלט איז צוגלייך די אידישע לאַגע אין גאַליציען און נאָך מעהר אין רוסיש־פּוילען. דער גיפטיגסטער געזעלשאַפטליכער אַנטיסעמיטיזמוס שיקט אוועק אַלץ גרעסערע צאָהלען אידען מיט א טאָרבע איבער דער וועלט. די פּוילישע באָיקאָטיסטען טהוען געגען די אידען אַלץ נור וואָס זיי קענען. זיי האָבען אָבער ניט אזוי פיעל כוחות שלעכטס צו טהאָן, ווי די רוסישע שוואַרצע מאות מיט'ן צאַר בראש.

די היילגע פאַטערס פון דער אינקוויזיציאָן פלעגען זיך איבערנעהמען, אז מיט בלוט זיינען זייערע הענד ניט בעפלעקט. זיי פלעגען פערניכטען זייערע קרבנות אָהן בלוטפערגיסונג — דורך א פייער־טויט. אזא מעטהאָדע האָט אויך אָנגענומען די רוסישע רעגיערונג. קיין פּאָגראָמען מאַכט זי איצט ניט. זי זוכט צו פערניכטען די אידען אָהן בלוטפערגיסונג. זי נעהמט ביי זיי אוועק יעדען מיטעל צום לעבען און זוכט זיי אומצוברענגען שטיל און לאַנגזאם — דורך אַלערליי צרות, דורך אַלערליי אויסנאַהמס־געזעצע, דורך דלות, דורך הונגער.

עס זיינען גליקליכער די דערשלאָגענע פון שווערד, איידער די דערשלאָגענע פון הונגער! — האָט אמאָל געקלאָגט דער נביא. די אידען, וואָס זיינען פערפייניגט געוואָרען אין די פּאָגראָמען־טעג, האָבען זיך לאַנג ניט געמאַטערט. זייער טויט־קרעכץ האָט אָבגעקלונגען איבעראַל און אויפגעריהרט די ציוויליזירטע וועלט. אין אַלע לענדער האָט מען געקליבען נדבות פאַר זייערע אַלמנות און יתומים. ווער זעהט אָבער די הונדערטע טויזענדער אידען, די דערשלאָגענע פון הונגער, וואָס פייניגען זיך צום טויט אין אַלע ווינקלאַך פון רוסלאַנד, וואָס גוסס'ען שטיל, געהען אוועק פון דער וועלט אין פינסטערניס און לאָזען איבער זייערע אַלמנות און יתומים אויפ'ן וויסטען שיקזאַל. ווער קוקט זיך אום אויף זיי, ווער ווייס זייערע ליידען, ווער הערט זייערע קרעכצען!

דאָס בלוט פון די פּאָגראָמען־קדושים האָט געקאָכט און געזאָדען אויף די הענד פון דער רוסישער רעגיערונג. די גאַנצע וועלט האָט עס געזעהען און געטייטעלט אויף דעם מיט די פינגער. קימערט מען זיך אָבער פיעל וועגען די בלוטלאָזע, אָבער ניט ווייניגער העלישע מערדערייען, וואָס ווערען איצט בעגאַנגען איבער'ן גאַנצען רוסישען יודענטהום? די פעדער, מיט וועלכער א רוסישער טשינאָווניק טהוט א פיהר און שטויסט ארויס צעהנדליגע טויזענדער אידען פון זייערע שטעדט, פון זייערע פּרנסות, ברענגט מעהר אומגליק און ליידען, איידער דער מעסער, מיט וועלכען א רוסישער פּאָגראָמשטשיק שניידט אָב איינציגע אידישע לעבענס. דאָס איז אָבער ווייניגער

סענסאַציאָנעל, און דאָס וועט שוין אין דער גרויסער וועלט קיינע שטורמישע פּראָטעסטען ניט ארויסרופען.

* * *

און אין גרויזאַמען שיין פון דיזע פּאַסירונגען ווילען מיר שטעלען די פראַגע: האָבען מיר, די אידען פון אמעריקא, עפּעס פיעל אָנשטריינגונגען געמאַכט, אז די טויערען פון אונזער פרייער רעפּובליק אָם וויינסטען זאָלען בלייבען אָפען פאַר די אומגליקליכע ברידער אונזערע?

די איירישע און די דייטשען, די צוויי פעלקער, וואָס האָבען אמאָל געליפערט אהער גרויסע מאַסען אימיגראַנטען, זיינען איצט אין דער אימיגראַציאָנס־פראַגע ווענִיג־וואָס פערינטערעסירט. די מעכטיגע אַרבייטער בעוועגונג אין דייטשלאַנד האָט דאָרט אויף אזוי פיעל פערבעסערט די לאַגע פון די אַרבייטער, דאָס זיי זיינען שוין מעהר ניט געצוואונגען צו עמיגרירען. אזוי אויך האָט די נאַציאָנאַלע בעוועגונג אין אירלאַנד געבראַכט דערצו, אז די ענגלישע רעגיערונג איז געצוואונגען געווען, דורך געוויסע לאַנד־געזעצע, די לאַגע פון די איירישע פאַרמערס צו פערבעסערן. און די איירישע פּאַטריאָטען ווענדען אָן אַלעס מעגליכעס גראַדע די עמיגראַציאָן פון אירלאַנד אָבצושטעלען. **נעכסט צו די דייטשען און די איירי**שע אין איינפלוס און אין צאָהל זיינען אמאָל געווען די אימיגראַנטען פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. אָבער אויך דאָרטען האַלט מען איצט פאַר א הויך־פּאַטריאָטישען ענין גראַדע די עמיגראַציאָן אָבצוהאַלטען. און אזוי קוקט מען אויך אויף דעם אין אונגאַרן. עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אז אפילו אין איטאַליען עקזיסטירען פּאַטריאָטישע אַנטי־עמיגראַציאָן־געזעלשאַפטען.

און די איינציגע, פאַר וועלכע די עמיגראַציאָן איז א פראַגע פון לעבען און טויט, די איינציגע, וועגען וועלכע עס קענען אין דיזען פּרט צוויי מיינונגען ניט זיין, זיינען נור די אידען.

עזשען סיו שילדערט אין איינעם פון זיינע ווערקע א פאַנטאַסטישע צויבער־בילד פון דעם „וואַנדערענדען איד“: די גאַנצע אַלטע וועלט האָט דער איד שוין דורכגעשפּרייזט, אַלע לענדער דורכגעטראָטען, צווישען אַלע פעלקער דורכגעוואָגעלט. און אָט זעהען מיר איהם עק וועלט, דאָרט, וואו דער אויסערסטער ענד פון סיביר קומט אונטער נאָהענט צום אויסערסטען ענד פון אמעריקא, און בלויז א שמאָלער ים־פּאַס טהיילט זיי אָב. דאָס איז די מלוכה פון אייביגען אייז און אייביגער נאַכט. הויכע דונקעלע אייז־בערג טראָגען זיך איבער די דונקעל־גרינע טויטע וואַסערן. אויפ'ן סיבירער ברעג שטעהט דער איד און שטרעקט אויס די הענד, אין אונבעשרייבליכער פערצווייפלונג, צו דער נייער וועלט. און אַנטקעגען איהם, אויפ'ן אמעריקאַנער ברעג, קניעט זיך הילפלאָז א יונגע, רייצענד־שעהנע פרויען־געשטאַלט. דאָס איז הערָאָדיאַס, די „וואַנדערענדע אידין“, די פערשאָלטענע אידישע פּרינצעסין, וואָס האָט אמאָל געלאָזען אָבשניידען דעם קאָפּ פון יוחנן דעם טויפער, און מוז דאַרום אייביג לעבען און אייביג וואַנדערן מיט א טאַץ אין האַנד און מיט'ן אָפּגעשניטענעם קאָפּ אויפ'ן טאַץ.

דאָס בילד איז געוואַלטיג, אָבער מיט'ן רוסישען געזעץ־בוך שטימט עס ניט: אויך צווישען די פערפראָרענע סיבירער בלאָטעס האָט ניט דער וואַנדערענדער איד קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. די טראַגישע פיגור טאָר דאָרט ניט שטעהן — אפילו ניט ביים אויסערסטען ענד פון סיביר. עס איז ניט ערלויבט. און עס מאַכט ניט אויס, וואָס טויזענד מייל אַרום איז ניט אָנצוזעהן קיין מענשליכע וואָהנונג. דער רוסישער אוריאַדניק קען א „בלאַטען“ אידען אימער און אפילו עק וועלט דערשמעקען.

און צו דער נייער וועלט קען דער וואַנדערענדער איד צוקומען פיעל בעקוועמער גראַדע, לאָמיר זאָגען, דורך האַמבורג — אויף די שיפען פון הערר באַלין, דעם דייטש פון מאָזאַאישען גלויבען. און אָט זעהן מיר איהם דאָרט, דעם וואַנדערענדען איד, וואָס קען ערגעץ אין דער גאַנצער אַלטער וועלט קיין מנוחה ניט געפינען. מיט אונבעשרייבליכער פערצווייפלונג שטרעקט ער אויס די הענד צו דער נייער וועלט. אַנטקעגען איהם, אויפ'ן אמעריקאַנער ברעג, ערשיינט שוין אָבער ניט קיין געשפּענסט פון די קריסטליכע ראַכע און פלוך־לעגענדען, ניט קיין הילפלאָזער טייוועל מיט'ן אָבגעשניטענעם קאָפּ פון דעם טויפער אין האַנד. אַנטקעגען איהם, אויפ'ן אמעריקאַנער ברעג, ערהויבט זיך, פול מאַכט און פּראַכט, די געטין פון פרייהייט מיט'ן שיינענדען פאַקעל אין האַנד. און ניט אויף וויסטע אייז־בערג און טויטע וואַסערן פאַלט דער שיין פון דעם פאַקעל, נור אויף א לעבעדיגער וועלט, אויף א וואונדערליכער וועלט, וואָס איז פול מיט גרויסער און אָנגעשטרענגטער מענשליכער טהעטיגקייט. און זי רופט, די געטין, אַלע געדריקטע און פערוואָגעלטע, וואָס קענען אין דער אַלטער און ענגער וועלט קיין היים ניט געפינען; זי רופט זיי צו זיך אין דער נייער, פרייער, וואונדערליכער וועלט.

דריטהאַלבען מיליאָן אידען, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען אין אמעריקא, דריטהאַלבען מיליאָן קינדער פון „אייביגען וואַנדערער“, שטעהען הינטער דעם רוף. דאָס זיינען דריטהאַלבען מיליאָן עדות, אז די פרייהייטס־געטין איז ווירקליך געווען א פרייהייטס־געטין, אז איהר רוף איז ווירקליך געווען דער אויפ־

ריכטיגער רוף פון פרייהייט. ווען מיר, די דריטהאלבען מיליאָן, צולאָזען, אז פאַר אלע אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים זאָל איצט דער פרייהייטס־רוף אָבגעהאַקט ווערען? ווע־לען מיר צולאָזען, אז פאַר זיי, די עלענדסטע פון אלע עלענדע וואַנדערער, זאָל די פריי־הייטס־געטין ווערען ניט מעהר ווי א בייזע לצנות — א שטיק בייזע קופּערנע לצנות?

* * *

פאַר'ן קאָנגרעס ליעגען איצט די ווילדסטע אַנטי־אימיגריישאָן פּראָיעקטען. די העצע גע־גען פרעמדע, וואָס שטאַרקט זיך פון יאָהר צו יאָהר, האָט דאָ געפונען דעם העסליכסטען אויס־דרוק. איין פונקט, צום ביישפּיעל, שליסט אויס אימיגראַנטען, וואָס בונטעווען געגען אַן אָרגאַניזירטע מלוכה; הייסט עס, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די איבריגע פאָטערס פון אונ־זער רעפּובליק וואָלטען שוין אויך געווען פון די אונגעווינשטע, פון די אויסגעשלאָסענע. אַן אַנדער פונקט שליסט אויס אימיגראַנטען, וואָס רייצען אויף צו סאַבאָטאַזש און פערניכטונג פון פּריוואַט־אייגענטהום; הייסט עס, אַז צוזאַמען מיט וואַשינגטאָנען וואָלטען שוין אויך געגאַנגען די פיעל־געריהמטע סאַבאָטאַזשניקעס פון דער „באָסטאָן טיע פּאַרטי“, וואָס האָבען געוואָרפען די ענגלישע קאַסטענס־טהעע אין וואַסער און דערמיט געגעבען דעם סיגנאַל צו דער רעוואָלוציאָן געגען ענגלאַנד.

און אַזוי ווייטער. יעדער פונקט איז א פערשוועכונג פון די שעהנסטע אַמעריקאַנער טראַדיציאָנען. און איינפאַך באַרבאַריש איז די גזרה געגען די אימיגראַנטען, וואָס קענען נישט לעזען און שרייבען. דיזע גזרה וועט טרעפען אַם שווערסטען די מאַסען וואַנדערער, וואָס זו־כען אויף אונזערע ווייטע ברעגען ברויט און פרייהייט.

דאָס איז ניט די שולד פון דעם אימיגראַנט, וואָס ער איז אונוויסענד; דאָס איז דורכ־אויס די שולד פון לאַנד, פון וואַנען ער קומט, וואָס האָט איהם ניט געגעבען די גע־לעגענהייט אויסצולערנען זיך אפילו לעזען. דאָס ווייזט, אַז יענע לאַנד איז פאַר איהם גע־ווען א שטיף־פאָטערלאַנד — א שלעכטע, א פינסטערע. און גראַדע פאַר אַזאַ אימיגראַנט און פאַר די קינדער פון אַזאַ אימיגראַנט קען אונזער פרייע הויך־ציוויליזירטע אַמעריקאַנישע רעפּובליק זיין אַם ניצליכסטען. נאָכ'ן יושר פון די היגע פּאָליטישענס קומט אָבער אויס, אַז גראַדע אַזאַ אימיגראַנט דאַרף מען אין אונזער רעפּובליק ניט אריינלאָזען, אַז גראַדע אַזאַ אומגליקליכען דאַרף מען מאַכען נאָך מעהר אומגליקליך און איינהאַלטען איהם דוקא אין לאַנד פון זיין אומגליק און פינסטערניס.

ווי מען גיט אַן, וועלען די נייע גזרות אויסשליסען יעהרליך ביי א פערטעל מיליאָן אימיגראַנטען. יעדער קאָנגרעסמען, וואָס וועט הויבען די האַנד צו שטימען פאַר דיזע גזרות, וועט הויבען די האַנד און צושלאָגען די מונ־טערע האָפנונגען פון מיליאָנען מענשען — די האָפנונגען פון אלע מעגליכע היי־יאָהריגע, איבער־א־יאָהריגע און איבער־צעהן־יאָהריגע אימיגראַנטען. ווייט־ווייט, אין די פערשיעדענע ווינקלען פון דער אַלטער וועלט, וועלען דאָ מיט איין קלאַפּ געטראָפען ווערען מיליאָנען אָרימע היימען, מיליאָנען ליידענדע פאַמיליען, פאַר וועלכע אַמעריקאַ איז געווען פיליייכט די איינ־ציגע רעטונג זייערע.

און די גזרות וועלען זעהר שווער טרעפען אויף אונזערע אידען. בעת די מאַסען פון אַנדערע פעלקער ווערען אַלץ גראַמאָטנער, זייע־רע פאָלקס־שולען ענטוויקלען זיך אַלץ מעהר, זעהען מיר גראַדע ביי די אידען, הויפּטזעכליך ביי די אידען אין רוסלאַנד, ווי די מאַסען אונזערע ווערען אַלץ אונוויסענדער. דער פּראָצענט פון די אידען, וואָס קענען ניט לעזען אפילו אידיש, וואַקסט. דער אַלטער חדר ווערט אַלץ טיעפער בעגראָבען אונטער'ן חורבן פון דער אַלטער אידישקייט. אַן אַנדער טיפּ פון א פאָלקס־שולע, וואָס זאָל אָנגענומען ווערען פון פאָלק און פערנעהמען דעם פּלאַץ פון חדר, האָט מען נאָך פּאָרלויפיג, צוליעב די שטענדי־גע צרות, מהומות און בהלות, ניט געקענט שאַפען. און די אַלגעמיינע שולען זיינען פעסט פערריגעלט פאַר'ן אָרעמען אידישען קינד.

אַלץ גרעסער ווערען אין דער אַלטער היים די צרות און די בהלות, וואָס טרייבען די אי־דישע מאַסען אין אַמעריקאַ, און אַלץ גרעסער ווערט צווישען זיי די צאָהל פון בעזגראַמאָטנע. און אָט דיזע אומגליקליכסטע צווישען אונזערע אומגליקליכע, דיזע אָרעמסטע צווישען אונזערע אָרעמע, וועט מען עס איצט אָוועקשטויסען אויף פון אַמעריקאַ; מען וועט זיי טרייבען צוריק — צוריק צו די ווילדע צרות און בהלות און אָרעמקייט, וואָס רויבט אָוועק ביי זיי, די קינדער פון עם הספר, די מעגליכקייט אויסצו־לערנען זיך אפילו עברי.

* * *

אין רוסלאַנד קומט איצט פאַר א גירוש, אַן אונדירעקטער, אָבער א שרעקליכער גירוש. יעדע פאָאר יאָהר ווערען פון דאָרט ארויסגע־טריבען פיעל מעהר אידען, איידער מיט 420 יאָהר צוריק אין דעם גירוש־שפּאַניען. און מיר דאַרפען אַראָפּנעהמען א מוסר פון אונזערע אור־עלטערען, ווי אַזעלכע ארויסגעטריבענע אויפצונעהמען. די אידישע געשיכטע ווייס נור פון איינציגע טרויעריגע פעלע, ווען אידען פון אַנדערע לענדער האָבען מורא געהאַט צו עפענען זייערע גהעטאָס פאַר די ארויסגעטרי־

בענע. דאָס זיינען געווען נור אויסנאַהמספעלע. אין די ענגע, איבערפילטע געהעטאָס פלעגט מען, איבעראַלל און אין אַלע צייטען, אויפנעהמען די פעראומגליקטע ברידער נע־ונד׳ניקעס מיט דער גרעסטער צערטליכקייט, מיט די גרעסטע אָפפער, מיט מסירת נפש. און מען פלעגט בשום אופן ניט מורא האָבען, טאָמער וועלען די ניי־אָנגעקומענע פערשאַרפען די קאָנקורענץ, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען שאַרף און שרעקליך—טאָמער וועלען זיי פערגרעסערן די אידען־שנאה, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען גרויס און ברענענד.

און עס איז איבעריג צו בעווייזען, אז אונזער לאַגע אין אַמעריקאַ איז א פיעל־פיעל גינסטיגערע. אונזער פעראַנטוואָרטליכקייט איז דארום א פיעל גרעסערע. און מיר, אידישע סאָציאַליסטען, טראָגען דאָ נאָך א בעזונדערע פעראַנטוואָרטליכקייט.

די אימיגראַנטען־פרעסער פיגורירען געוועהנליך אלס אַרבייטער־פריינד. עס איז אָבער גענוג א קוק צו טהאָן, ווער זיינען עס אין קאָנגרעס די אַרבייטער־פריינד, אום צו זעהן דאָ דעם ריכטיגען פנים פון חוזק. דאָס זיינען די פערטרעטער פון די סויטהערן סטייטס, פון די פערשאָלטענע סטייטס, וואו עס הערשט נאָך עד היום א סיסטעם פון געצוואונגענער שקלאַפעריי אין די ערגסטע פאַרצייטיגע פאָרמען. דאָרט געהט נאָך אויף אין דער שענדליכער שקלאַפען־האַנדעל מיט אַרעסטאַנטען. דאָרט פעראורטהיילט מען מענשען אויף די לענגסטע טערמינען פאַר די קלענסטע פערברעכענס, אָפטמאָל גאָר אין גאַנצען אונשולדיגע מענשען, כדי צו פערקויפען זיי נאַכהער אין שקלאַפעריי. און אָט דיזע פערטרעטער פון דעם שקלאַפען־בייטש פיגורירען עס, מיט דער הערצליכער הסכמה פון די גאָמפערסעס און די מאריסאָנס, אלס אַרבייטער פריינד.

מיר ווילען זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויפ׳ן לוג און בעטרוג פון דיעזען סאָרט אַרבייטער פריינדשאַפט. וועגען דעם האָבען שוין פיעלע און אויך דער שרייבער פון דיעזע ציילען מעהרערע מאָל גערעדט. און וואָס א יאָהר ווייטער, אלץ דייטליכער קומט דער שווינדעל אַרויס. די אימיגראַנטען־אַרבייטער פון די לעצטע יאָהרען זיינען גראַדע מעהר קלאַסען־בעוואוסט, קאַמפפעהיגער, אָפפערווילליגער, איידער די אַלטגעזעסענע אַרבייטער. און הויפטזעכליך דערפאַר איז מען אַזוי אונצופריעדען מיט זיי; דערפאַר זיינען אפילו די קאָנסערוואַטיווע לייבאָר לידערס, די פיהרער און פערפיהרער פון די פערדומטע אַמעריקאַנער אַרבייטער מאַסען, אונצופריעדען מיט זיי. און דאָס זעהן מיר אַרויס אויך פון דעם נייעם אַנטי־אימיגריישאָן ביל, וואו מען האָט דעם פונקט געגען די בעזגראַמאָטנע אַזוי פיעל־בעדייטענד צונויפגעפלאָכטען מיט די פונקטען געגען די בונטאָווסטשיקעס און די סאָבאָטאַזשניקעס.

פערשטעהט זיך, די אידען, די היסטאָרישע שעיר לעזאזל׳ס, שטעהען דאָ אויפ׳ן ערשטען פלאַן. מען שטעלט זיך פאָר דעם אידישען קוואַרטאַל פיעל רעוואָלוציאָנערער און די רעוואָלוציאָנערען פיעל געפעהרליכער, ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט. די צושראָקענע פאַנטאַזיע בעזעצט די גרויסע ווייסטעניש פון טענעמענט־הייזער, וואָס מען רופט איסט סייד, מיט אַלערליי געשפענסטער פון פלאַם־פייער אַגיטאַטאָרען. און אין די איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער קרייזען איז מען דעריבער צו דער אידישער איינוואַנדערונג בעזאָנדערס פיינדליך.

און די אידישע סאָציאַליסטען און די פאָרטגעשריטענע אידישע אַרבייטער דאַרפען פיהלען די גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס זיי טראָגען דאָ. דער אידישער וואַנדערער, וואָס ווערט פון אַמעריקאַ צוריקגעשיקט, און זיינע פריינד אין דער אַלטער היים, וואָס ווערען דאַביי אָבגעשראָקען און בלייבען שטעקען אין זייער גיהנם,—זיי ליידען אונדירעקט אויף צוליעב אונזער אַגיטאַציאָן און אונזער טעטיגקייט. און מיר דאַרפען דאַרום מיט א בעזונדערער ענערגיע אויפנעהמען דעם קאַמפף געגען די אימיגראַנטען־פרעסער. מיר דאַרפען איהם אויפנעהמען דאָרט, וואו ער קען זיין אם נוצליכסטען — אין די רייהען פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער זעלבסט. מיר דאַרפען אונערמידליך אַרבייטען, פראָפאַגאַנדירען און אַרויסברענגען דעם גאַנצען אמת וועגען די אימיגראַנטען און זייערע צוררים. דעם אַמעריקאַנער אַרבייטער מוז מען ענדליך אויפקלערען, אז דער אימיגראַנט פון דער לעצטער צייט ווערט פערפאָלגט פיעל מעהר אַלס א שרעק־בילד פאַר׳ן קאַפיטאַליסט, איידער אלס א געפאַהר פאַר׳ן אַרבייטער.

אַמעריקאַ איז דער איינציגער אַנטרונונגס־פלאַץ אויף דער גאַנצער גרויסער ווייסער וועלט, צו וועלכען נור אונזער וויסט־אָרים פאָלק קען אויפהויבען מיט האָפנונג די אויגען. די אידישע רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאַנד, פיהלענדיג א געוויסע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די פאָגראָמען, האָבען אויף דעם ענערגישסטען אופן אַנטייל גענומען אין דעם זעלבסט־שוטץ. און מיר דאַרפען אויך אין אַמעריקאַ אויף דעם ענערגישסטען אופן אַנטהייל נעהמען אין דעם זעלבסט־שוטץ געגען דעם גרויסען פאָגראָם, וואָס מען קלייבט זיך דאָ מאַכען — געגען דעם פאָגראָם אויף דיזען איינציגען מקום מקלט אונזערען.

מ. אפּפּענהיימער

דער ארבייטער ענטשעדיגונגס געזעץ

אונזער פּרעסע און אונזערע כלל־טוער טומלען איצטער וועגן דעם וואירקמענ'ס קאמפּענסיישאן־ביל — ארבייטער ־ ענטשעדיגונגס־געזעץ, — וואס די לײדזשיס־לייטשור האט ערשט אנגענומען און וועלכען דער גאווערנאר האט ערשט אונטערגעשריעבען. מען זאגט אונז, אז דיעזער ענטשעדיגונגס־געזעץ איז דער בעסטער פון אלע עהנליכע געזעצע אין די איבריגע סטייטס. אפילו ווען דאס איז אמת, איז דאס נאך ניט אזא גרויסע זאך. עס דערמאהנט אונז אן דעם אלטען גלייכווארט, דאס צווישען בלינדע איז א מענש מיט איין אויג אויך א יחסן. אבער וועגן דעם וועלען מיר נאך שפּעטער ריידען.

דער אמת איז, דאס דער ארבייטער־ענטשעדיגונגס־געזעץ איז בלויז איין טייל פון א גרינדליכען פּלאן וועגן ארבייטער פערזיכערונג. דיזער פּלאן ווערט שוין דיסקוטירט פאר די לעצטע 30 יאהר.

אלע גיבען צו, אז אין דער היינטיגער געזעלשאפט איז פאראן א גרויסער קלאס מענשען, וועלכע לעבען נור דערפון, וואס זיי פערקויפען זייער ארבייטס־קראפט. די ארבייטס־קראפט — דאס איז זייער גאנצע סחורה. האבען זיי עס ניט, אדער קענען זיי עס ניט פערקויפען, האבען זיי ניט פון וואנעט צו לעבען. דיזער קלאס קען זיך אויך ניט פערזארגען אויף אן אומגליקס־פאל, זייערע פערדיענסטען סטייען זיי קוים אויף דורכצולעבען דעם טאג. דער פּלאן אלזא איז, דאס דער ארבייטער זאל זיין אינשורט, פערזיכערט, כאטש מיט דעם ארימסטען לעבען.

דער גאנצער פּלאן פון אינשורען ארבייטער האט זיך ענטוויקעלט אין די פיער פאלגענדע ריכטונגען:

1. פערזיכערונג אין פאל פון א סיבה ביי דער ארבייט;
2. פערזיכערונג אין פאל פון קראנקהייט;
3. פערזיכערונג אין פאל פון טויט, פערקריפּלונג, שוואכקייט און אלטקייט;
4. פערזיכערונג אין פאל פון ארבייטסלאזינקייט.

אין דיזען ארטיקעל וועלען מיר בעשפּרעכען דעם געזעץ, וועלכער איז ערשט אנגענומען געווארען אין ניו יארק סטייט, און די שוועריגקייטען וואס מען האט געמוזט פון וועג אפּראמען, איידער מען האט איהם געהאט דורכגעפיהרט. אט די שוועריגקייטען דערלאזען קיינמאל ניט אין די אמעריקאנער לײדזשילייטשורס דורכצופיהרען אירגענד וועלכען גוטען געזעץ צו גונסטען פון די ארבייטער.

ערשטענס, זאמעלט ניט אונזער נאציאנאלע רעגיערונג קיין ציפערן און סטאטיסטיק וועגען דער לאגע פון אונזערע ארבייטער. דאס ביסעלע סטאטיסטיק, וואס מיר האבען שוין יא, ווערט געזאמעלט אלס א ביי־זאך. צ. ב. ש., מיר האבען סטאטיסטיק וועגען באהן־אומגליקען, אבער דיעזע סטאטיסטיק קריגען מיר פון דער אינטערסטייט קאמערס קאמישאן, וועלכע זאמעלט זיי בלויז כלאחר יד — אין פערבינדונג מיט אנדערע ארבייטען. דאסזעלבע איז אויך מיט דער סטאטיסטיק וועגען אומגליקען אין די מינעס. אלע ווייסען אויך, אז אזעלכע סטאטיסטיקס זיינען ניט גאר ריכטיג, ווייל מען קאן ניט זיכער זיין, אז די קאמפּאניעס רעפּארטען אלע סיבות, וואס פאסירען ביי זיי. עס איז אויך ניטא קיין געזעץ, דורך וועלכען מען זאל קענען צווינגען די קאמפּאניעס זיי זאלען אריינגעבען אבסאלוט ריכטיגע רעפּארטס. אנדערע ארבייטער־סטאטיסטיקס איז פאר אונז כמעט גאר ניט מעגליך צו בעקומען. דא און דארט אין אן איינציגער סטייט מאכט מען א פערזוך צו זאמלען געוויסע סטאטיסטיקס, אבער פערלאזען זיך אויף זיי קען מען זיך נאך ווייניגער ווי אויף די סטאטיסטיקס וועגען די סיבות אויף די אייזענבאהנען און אין די מינעס. מיר זעהען, אלזא, אז אונז פעהלט דער וויסענשאפטליכער פונדאמענט, אויף וועלכען מיר זאלען קענען שאפען ארבייטער געזעצע. אהן בעשטימטע און ריכטיגע ציפערן וועגען דער לאגע פון די ארבייטער קאן מען ניט וויסען, וואס פאר געזעצע זיינען ווירקליך נויטיג.

מיר האבען זיך דא צו רעכנען מיט נאך א פיעל גרעסערער שוועריגקייט—וואס אין דיזען לאנד ווערען ארבייטער געזעצע געמאכט אין די לײדזשיסלייטשורס פון די איינצעלנע סטייטס. יעדע סטייט מאכט איהרע געזעצע פאר זיך. ווען דער ארבייטער קלאס זעהט

איין, אז פאר איהם איז וויכטיג א געוויסער געזעץ, מוז ער פיהרען 48 בעזונדערע מלחמות אין 48 בעזונדערע סטייטס. אזוי איז דער פאל מיט די געזעצע צו פערהיטען דעם אַרבייטערס געזונד, צו רעגולירען זיינע ארבייט־שטונדען, אכטונג צו געבען אויף די פעקטאָריס, און אזוי איז אויך דער פאל מיט די געזעצע וועגען ארבייטער פערזיכערונג. און דאָס ווערט נאָך אויסגענוצט פון די קאַפּיטאַליסטען אלס וויכטיגער אַרגומענט: וויל מען ארבייטער געזעצע דורכפיהרען אין איין סטייט — טענה'ן זיי, אז דאָס איז אונמעגליך, ווייל אין דער דערבייאיגער סטייט זיינען אזעלכע געזעצע ניטאָ, און דאָס וועט מעגליך מאכען די קאפיטאליסטען פון יענער סטייט צו קאָנקורירען מיט די קאפיטאליסטען פון דער סטייט און זיי צו רואינירען.

מיט דיזען תירוץ האָט מען די אַרבייטער אָבגעָפּטר'ט פיעלע, פיעלע מאָל. און דאָס איז די הויפּט אורזאכע, פאר וואָס די פעראייניגטע שטאאטען זיינען אזוי הינטערשטעליג אין ארבייטער געזעצע אין פערגלייך מיט די אייראָפעאישע לענדער. דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, איטאליען און זאָגאר רוסלאנד קענען מאכען אַרבייטער געזעצע פאר'ן גאנצען לאנד, און זיי טהוען עס אויך. דאָרטען קען מען אַנפיהרען א בעוועגונג איבער'ן גאנצען לאנד פאר א געוויסער ארבייטער רעפאָרם. דאָ מוזען מיר אין יעדער סטייט ארבייטען בעזונדער. אונזערע כוחות ווערען צוברעקעלט און צובראָכען דורך דעם, און די בעוועגונג מוז אין יעדען איינצעלנעם פאל זיין שוואך.

מיר וועלען זיך איצט אומקעהרען צו דער פראַגע וועגען דעם נייעם ענטשעדיגונגס־געזעץ. די גראַטולאַציאָנען, וואָס די לייזישיסלייטשור און דער גאָווערנאָר בעקומען פון אלע זייטען, דערמאָהנט אונז אָן אן אלטער מעשה'לע. א פויער האָט אמאָל אין אָנהויב ווינטער אָנגעפאנגען פלעכטען פאר זיך א קערבעל. ער פלעגט ארבייטען אויפ'ן קערבעל יעדען אבענד און פלעגט פלעכטען און פלעכטען. ענדליך, ווען דער ווינטער איז שוין געווען צו ענדע, איז ער מיט דער ארבייט פערטיג געוואָרען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשריען: „גאָט צו דאנק, דאָס קערבעל איז פערטיג!“ די פרוי זיינע האָט איהם אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג: „פארוואָס דאנקסטו גאָט, האָסט אויפ'ן קערבעל וועניג געאַרבייט?“

אָט דאָסזעלבע קען מען זאָגען וועגען דעם נייעם ענטשעדיגונגס־געזעץ. דאכט זיך, ניו יאָרק סטייט איז אזוי גרויס, אזוי רייך, שטאָלצירט אזוי מיט איהר אינטעליגענץ, און דאָך האָט עס אזוי פיעל צייט גענומען, איידער מען האָט אזא געזעץ דורכגעפיהרט — וואָס איז דאָ מיט וואָס צו ריהמען זיך און וועמען צו דאנקען!... און נויטיג איז דער געזעץ געווען נאָך מיט פיעלע יאָהרען צוריק. מיר האָבען אימער געהאַט געגנוג אומגליקס־פעלע, וועלכע האָבען פעראורזאכט ליידען און נויט אין טויזענדע פאמיליעס. די אַלטע געזעצע וועגען פעראומגליקטע אַרבייטער זיינען געווען אַבסאָלוט נוצלאָז. די קאָורטס און די ריכטער אונזערע האָבען אויסגעטראַכט אלערליי דריידלאָך, אלערליי פלפולים, דורך וועלכע די ארבייטער זיינען בערויבט געוואָרען פון דאָס ביסעל בעלוינונג, וואָס זיי האָבען אפילו לויט די אַלטע געזעצע געדאַרפט בעקומען. ווען אימיצער וואָלט זיך די מיה גענומען דורכצוקוקען די אַלע געריכטס־פאַפּירען וועגען פעראומגליקטע ארבייטער, וואָלט ער אין זיי געפונען דעם שווארצעסטען קאַפּיטאל אין דער געשיכטע פון דער היגער גערעכטיגקייט. ער וואָלט ענטדעקט, דאָס די מעהרסטע ענטשיידונגען אין די קאָורטס זיינען געווען געגען די ארבייטער. און ווען אמאָל פלעגט מען די אַרבייטער יאָ עטוואָס צו־פּסק'ענען, פלעגען דערפון געניסען ניט די פעראומגליקטע, נור זייערע לאָיערס.

די מענשען, וואָס האָבען די גאנצע פראַגע וועגען ארבייטער־סיבות גרינדליך דורכגעשטודירט, ווייסען, אז א געוויסער פראצענט, צום וויינינגסטענס, פון די אומגליקען, וואָס פּאַסירען מיט ארבייטער, זיינען אונפערמיידליך; אז זיי וועלען פּאַסירען אונטער אלע אומשטענדען, ווי פאָרזיכטיג די ארבייטער אָדער די באַסעס זאָלען ניט זיין. מיר מוזען דארום בעטראַכטען דיזע אומגליקען אלס אַן אונפערמיידליכען טייל פון אונזער אינדוסטריעלען סיסטעם, און אָט דאָס מוז דער געוויסענהאַפטער געזעצגעבער אויך האָבען אין אויג.

ערשטענס, דאַרפען די געזעצע זיך בעציהען אויף אַלע קלאַסען אַרבייטער און ניט בלויז אויף אזוינע, וועלכע זיינען בעשעפטיגט ביי געפעהרליכע טריידס, ווארום סיבות מוזען פּאַסירען ביי אלע סאָרטען אַרבייט, זאָגאָר ביי ערד־אַרבייט און ביי הויז־אַרבייט.

דער געזעץ מוז אויך בעוואָרענען, דאָס דער פעראומגליקטער אַרבייטער זאָל בעלוינט ווערען פאר זיין גאנצען עקאָנאָמישען פערלוסט. עס איז געגנוג ווען מיר פאָדערן ניט פאר דעם אַרבייטער בעלוינונג פאר די שמערצען, קערפערליכע און גייסטיגע, וואָס דער אומגליק האָט איהם פעראורזאכט, אָבער מיר זעהען ניט איין, פארוואָס ער דאַרף נאָך טראָגען א טהייל פון זיינע עקאָנאָמישע פערלוסטען.

א גוטער ענטשעדיגונגס־געזעץ דאַרף אויך אויסאַרבייטען א פּלאַן, דורך וועלכען דער פעראומגליקטער ארבייטער זאָל זיין בעלוינונג בעקומען שנעל און אָהן שום סכסוכים. דאָס סיסטעם פון סטייט־פערזיכערונג זאָל אָבשאַפען וואָס מען רופט: „רעד טייפּ“ אָדער אוננוי־

טיגע צערעמאָניעס. עס דאַרף איינגעפיהרט ווערען א פּערזיכערונגס־סיסטעם, וואָס זאָל טיילוויז פּערוואַלטעט ווערען פון אַרבייטער קלאַס אליין.

די קאָסטען פאַר דיזער פערזיכערונג דאַרפען צוגערעכענט ווערען צו די הוצאות פון דער אינדוסטריע, גראַד אזוי ווי יעדער מאַנופעקטשורער רעכענט אַלס א טהייל פון זיינע הוצאות — די הוצאות אויף די מאַשינען, וואָס ווערען אָבגעניצט און וואָס ווערען צובראָכען, אזוי מוז ער רעכנען אַלס א טייל פון זיינע הוצאות — די הוצאות אויף די „מענשליכע מאַשינען", די אַרבייטער, וואָס ווערען ביי איהם פעראומגליקט, אָדער וואָס ווערען אינגאַנצען פערניכטעט.

און נאָך א פּונקט. די בעלוינונג פאַר'ן פּעראומגליקטען אַרבייטער זאָל ניט בעצאָהלט ווערען מיט אמאָל אין איין גרויסע סומע, דער אַרבייטער זאָל זיין געלד קריגען אין וועכענטליכע טיילען, גראַד אזוי ווי ער קריגט איצט זיינע וויידזשעס.

האָבענדיג די אַלע פּונקטען אין זינען, לאָמיר בעטראַכטען דעם נייעם, פיעל געלויבטען געזעץ, וועלכער איז ערשט אריינגעשריבען געוואָרען אין אונזערע געזעץ־ביכער. צום אַלערערשטען וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען, וואָס דער ביל איז געהאַלטען געוואָרען אין געהיים די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אין ליידזשיסלייטשור געווען. מען האָט ניט געמאַכט וועגען איהם קיין עפענטליכע דעבאַטע, קיין „פּאָבליק הירינגס"; מען האָט ניט געגעבען די אַרבייטער די געלעגענהייט אויסצושפּרעכען זייער מיינונג. דורך די צייטונגען האָט מען זיך דערוואוסט, דאָס דער גאָווערנאָר האָלט אָב קאָנפערענצען מיט פאָרשטעהער פון די קאַפּיטאַליסטען און דאָס ער אַמענדירט דעם ביל לויט זייער וואונש נאָך. דער ביל איז שוין דורכגעגאַנגען, און פון דעסטוועגען וויים נאָך איצטער קיינער ניט דעם פולען אינהאַלט פון דעם געזעץ. די צייטונגען האָבען געדרוקט בלויז שטיקלאַך פון דעם געזעץ. מיר שטויסען זיך אָן, וואָס ער ענטהאַלט, אָבער גאַנץ בעשטימט ווייסען מיר נאָך גאָרניט.

דער נייער געזעץ בעציהט זיך בלויז אויף טריידס, וואָס זיינען פערבונדען מיט געפאַהרען. ממילא ווערט שוין א גרויסער טייל פון אַרבייטער קלאַס, איבערהויפּט ערד־ און הויזאַרבייטער, ניט בעשיצט פון איהם. ווי גרויס עס איז דער פּראָצענט פון די ניט־בעשיצטע אַרבייטער ווייסען מיר נאָך ניט; מיר ווייסען נאָך אויך ניט די אורזאַכע, פאַרוואָס אונזערע געזעצמאַכער האָבען געפונען פאַר נויטיג אויסצושליסען געוויסע טיילען פון דעם אַרבייטער קלאַס. דער תירוץ, דאָס מען וועט שפּעטער דעם געזעץ קענען אַמענדירען און אויסבעסערן, איז נאַריש. ווען מיר נעהען א נייעם ראָק, מאַכען מיר איהם ניט אזוי, אז מען זאָל איהם גלייך דאַרפען לאַטען.

דער ביל ערקלערט ווייטער, דאָס די העכסטע בעלוינונג פאַר פעראומגליקטע אַרבייטער זאָל ניט זיין מעהר ווי צוויי דריטעל פון זיין עקאָנאָמישען פּערלוסט. הייסט עס: איין דריטעל פון די פּערלוסטען, און אין מאַנכע פעלע נאָך מעהר, וועט דער קרבן אַליין מוזען טראָגען.

דער געזעץ זאָגט ווייטער, אז אין פאַל דער אַרבייטער ווערט אויף אייביג פּעראומגליקט, אדער ווערט אין גאַנצען דער'הרג'עט, זאָל ער, אָדער זיין אַלמנה, קריגען א געוויסען טייל פון דער סומע, וואָס ער פּערדיענט דורכשניטליך, און דיזער טייל זאָל אָבער אין קיין פאַל ניט זיין מעהר, ווי 15 דאָלאַר א וואָך. דאָס הייסט, אז אין פיעלע אַזוינע פעלע וועלען אויך די קרבנות מוזען ליידען מעהר ווי א דריטעל פון זייערע עקאָנאָמישע פּערלוסטען.

דער געזעץ איגנאָרירט אויף דעם פאַקט, דאָס אויב דער קרבן איז א יונגער מאַן, האָט ער דורך דעם אומגליק פערלאָרען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך און צו פערגרעסערען זיינע איינקינפטע. פופצעהן דאָלאַר א וואָך איז נאָך דעם נייעם געזעץ דאָס העכסטע, וואָס די אַלמנה און די קינדער פון דעם דער'הרג'עטען אַרבייטער קענען בעקומען; און דאַרף העַרען מיר שטענדיג, ווי מענשען האָבען זיך ארויפגעאַרבייט, צ. ב. ש., פון איינפאַכע אייזענבאַהן־אַרבייטער אויף פּרעזידענטען... דיזע „אַמעריקאַנער גליקען" ווערען גאָרניט אריינגערעכענט אין חשבון!

און אַלס קאָנטראַסט, לאָמיר נאָך בעטראַכטען, ווי דער געזעץ פערזאָרגט די בעאַמטע, וואָס וועלען בעשטימט ווערען דעם געזעץ דורכצופיהרען. דער הויפּט־קאָמישאָנער וועט בעקומען א געהאַלט פון 10 טויזענד דאָלאַר א יאָהר, די איבריגע קאָמישאָנערס וועלען בעקומען צו 7 טויזענד און 500 דאַלאַר א יאָהר, דער סעקרעטער 5 טויזענד דאָלאַר א יאָהר.

לויט דעם קאַפּיטאַליסטישען יושר קומט אויס, דאָס די מיטגליעדער פון קאַפּיטאַליסטישען קלאַס דאַרפען בעקומען פון הונדערט ביז צוויי הונדערט דאָלאַר א וואָך, בעת פאַר דעם אַרבייטער, מעגען זיי זיין ווי פעהיג און פלייסיג, איז 15 דאָלאַר א וואָך די העכסטע בעלאָהנונג. דער געזעץ זאָרגט אויך ניט, אז דער אַרבייטער קלאַס זאָל אין דיזער קאָמישאָן פערטראָטען זיין; די אַרבייטער ווערען בעטראַכט אַלס נידריגערע בעשעפּעניסע, וועלכע דאַרפען אימער געפיהרט ווערען פון די העכערע קלאַסען.

נאָך א גרויסער חסרון איז דאָ אין דעם

געזעץ. אנשטאט איינצופיהרען איין סיסטעם פון ארבייטער פערזיכערונג פאַר דער גאַנצער סטייט, ערלויבט ער די באָסעס צו פערזיכערן זיך געגען אַרבייטער־אומגליקען ניט אויף איין אופן נור אויף פערשיעדענע אופנים. און דאָס וועט נאָך וואַהרשיינליך אָנמאַכען א היבשע ביסעל צרות אין דער צוקונפט. אָט, צ. ב., ערלויבט דער געזעץ, דאָס גרויסע פירמאָס זאָלען זיך פעראייניגען און גרינדען אייגענע אינשורענס קאָמפּאַניעס פאַר זייערע פעראומגליקטע אַרבייטער. דאָס קען אמאָל בענוצט ווערען פון באָסעס אלס א וואַפע געגען זייערע אַרבייטער. זייענדיג פעראייניגט קענען זיי וואַרפען א מורא אויף די אַרבייטער, זיי זאָלען ניט פאָדערען די פולע בעלוינונג, וואָס זיי קומט אין פאַל פון אַן אומגליק. דער פאַקט, אז עס איז דאָ א רעגיערונגס־קאָמישאָן, וועלכע האָט די מאַכט אויסצוגלייכען די שוועריגקייטען, איז נאָך אַלץ ניט קיין גאַראַנטיע, אז ער וועט קריגען גערעכטיגקייט. מיר האָבען גענוג ביטערע ערפאַהרונג מיט אזוינע קאָמישאָנס.

גאָווערנאָר גלין האָט אַרויסגעגעבען א לאַנגע ערקלעהרונג, אין וועלכער ער האָט דעם בילל זעהר שטאַרק געלויבט. פון דיעזער ערקלערונג זעהען מיר שוין ארויס איינעם פון די גרעסטע חסרונות אין דעם געזעץ. ער זאָגט דאָרט, דאָס דער געזעץ וועט ערלויבען צוויי וואָכען צייט פונ'ם טאָג פון דעם אומגליק ביז דער אַרבייטער וועט קריגען זיין בעלוינונג. דאָס איז א גרויסער חסרון. עס טרעפען זעהר פיעלע אומגליקען, וואָס רייסען אָב דעם אַרבייטער פון דער אַרבייט וועניגער ווי אויף צוויי וואָכען צייט. אין דיזער צייט וועט דער אַרבייטער גאָרנישט פערדיענען, הוצאות פאַר מעדיצין וועט ער אָבער יאָ האָבען. אין אזוינע פעלע וועט בלויז דער אַרבייטער ליידען דעם היזק. וועט איהר אפשר ענטפערען, דאָס אזוי לויטעט דער געזעץ אויך אין די אייראָפּעאישע לענדער, דאַרפען מיר אָבער געדענקען, אז דאָרט צאָהלט אָבער די רעגיערונג דעם אַרבייטער אויף פאַר דער צייט, וואָס ער איז קראַנק. ער ווערט אַלזאָ בעלוינט פאַר דיזע צוויי וואָכען פון זיין קראַנקהייט און ער קען זיך דורכמיטלען ביז וואַנען ער קריגט זיינע אומגליק־אינשורענס אָדער ביז וואַנען ער ווערט אין גאַנצען געזונד.

אזוי ווי דער פולער אינהאַלט פון דעם בילל איז נאָך ניט פערעפענטליכט, קענען מיר ניט זאָגען אויף זיכער, צי דער געזעץ איז אזוי קלאָר און פעסט אויסגעאַרבייט, דאָס עס וועט אונמעגליך זיין פאַר די בעלי בתים צו פערשלעפען, אין פאַל פון אַן אומגליק, דעם סכסוך אין די קאָורטס. די קאַפּיטאַליסטישע געזעצמאַכער זיינען בריות אויף אריינצוואַרפען געוויסע ווערטער אין זייערע בילס, אויף וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע לאָיערס קענען שפּעטער אָנדרעהען גאַנצע בערג מיט פלפולים. געוועהנליך ווערען דיזע „ווערטער" ענטדעקט נאָך דעם, ווי דער געזעץ ווערט שוין אָנגענומען, ווען עס איז שוין צו שפּעט דאָס צו פערריכטען.

גאָווערנאָר גלין איז זעהר אפּטימיסטיש וועגען דעם געזעץ, אָט וואָס ער האָט ערקלערט:

„דיזער ביל וועט איבערצייגען יעדען אַרבייטער, דאָס צווישען אַרבייט און קאַפּיטאל איז אין דער אמת'ן קיין קאַמפּף ניטאָ, דאָס די אינטערעסען פוןביידען זיינען איינע און דיזעלבע. דיזער געזעץ וועט פאַרצייכנען דעם אָנפאַנג פון א נייער צייט, פון א צייט פון פריינדליכע געפיהלען צווישען אַרבייטער און באָסעס".

גלויבט דער גאָווערנאָר, ווירקליך, אין דעם וואָס ער זאָגט? אויב יאָ, האָבען מיר מיט איהם מיטלייד.

עס האָט געדויערט א לאַנגע צייט ביז וואַנען ניו יאָרק סטייט האָט בעקומען א געזעץ וועגען אַרבייטער־ענטשעדיגונג. דער ערשטער פערזוך איז געמאַכט געוואָרען אין דעם יאָהר 1897, ווען א קאָמיטע פון דעם „סאָשעל רעפאָרם קלאָב" האָט צוגעגרייט א ביל, עהנליך צו דעם ענטשעדיגונגס־געזעץ אין ענגלאַנד. דיזער ביל איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין ליידזשיסלייטשור, דורך סענאַטאָר דזשאָהן פארד, וועלכער איז איצט א דזשאָדזש פון סופּרים קאָורט. דיזער ביל איז געשטאָרבען איידער ער איז געבאָרען געוואָרען. אין צוועלף יאָהר אַרום איז א צווייטער פערזוך געמאַכט געוואָרען. די לעדזשיסלייטשור האָט דאַן אָנגענומען א זעהר שוואַכען געזעץ. אָבער, ווי שוואַך ער איז געווען, האָט איהם די קאָורט אָוו אפּיעלס געטויטעט, אויפ'ן גרונד, דאָס ער איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל. מען האָט דאַן געמוזט זעהן די ערשטע זאַך אָבצוראַמען פון וועג די קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגע. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א בעוועגונג צו אַמענדירען די קאָנסטיטושאָן אזוי, אז א געזעץ וועגען ענטשעדיגונג זאָל זיין כשר. און נאָך צוויי יאָהר שווערע אַרבייט, איז עס געלונגען דיזען אַמענדעמענט דורכצופיהרען. ער איז ביי די לעצטע וואַהלען אָנגענומען געוואָרען מיט אַן אונגעהויער גרויסער מאַיאָריטעט. דיזע אָבשטימונג האָט געוויזען, אז דאָס פאָלק פון ניו יאָרק סטייט וויל, אז פעראומגליקטע אַרבייטער זאָלען בעלוינט ווערען. וואָס די קאַפּיטאַליסטען האָבען וועגען דעם געטהאָן דורך זייערע משרתים—פּאָליטישענס אין לעדזשיסלייטשור, זעהט מען אין דעם ביל, וואָס איז ערשט אָנגענומען געוואָרען.

לעאָן קאָבּרין

טהיר נומער 2

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)

ער האָט זי בעגלייט ביז׳ן טענעמענט־הויז און איהר דערלאַנגט די האַנד. — גוט נאַכט! . . .

און ווען זי האָט איהם שטיל געענטפערט, האָט ער איהר האַנד באַלד ניט אַרויסגעלאָזט, נור זי געהאַלטען אין זיינער און זיינע אויגען, גרויסע, אויסגעגלאָצטע, האָבען מיט שטומער ענטציקונג געקוקט אין איהרע. זי האָט אויך געשוויגען. געקוקט אויף איהם מיט איהרע שעהנע, בלויע אויגען האַלב פערלאָרען, אין גאַנצען פערליעבט, און בעגאָסען איהם מיט בליקען, פול ליכטיגער, שטראַהלענדיגער וואַרעמקייט . . .

עס איז געווען אַרום צוויי נאָך האַלבער נאַכט, סוף זומער. איבער די גאַסען האָט זיך געגאָסען די מאַטאָווע, דרימלענדיגע ליכטיגקייט פון די עלעקטרישע לאַנטערנעס, אַ ליכטיגקייט ווי פון דער לבנה דורך אַ לייכטען נעבעל . . .

דער רוישיגער אידישער ניו־יאָרקער קוואַרטאַל האָט געשלאָפען. די קראָמען זיינען געווען צוגעמאַכט, אויף די גאַסען שטיל. און יענע קליינע קרעמעלאַך מיט „סטענדס“, און יענע רעסטאָראַנען, וואָס זיינען אָפען אַ גאַנצע נאַכט, האָבען רעליעף אַרויסגעטראָטען מיט זייערע פייערלאַך צווישען די אַרומיגע דונקעלע, צוגעמאַכטע טהירען פון די געשעפטען און די גרויסע טענעמענט־הייזער. און איז עמיצער דורכגעגאַנגען איבער׳ן טראַטואַר, האָבען זיינע טריט ווייט־ווייט די ביינאַכטיגע שטילקייט געוועקט. און איז אַ וואַגען דורכגעפאָהרען, האָט דער שטיינערנער באָדען אונטער איהם מאָדנע געפּילדערט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט שרעק פון׳ם שלאָף אויפגעכאַפּט. פון צייט צו צייט איז אַ קלינגען פון אַ קאַר אַרויסגעשוואומען און איז באַלד פערלאָרען געגאַנגען ערגעץ אין דער ביינאַכטיגער שטילקייט. די נאַכט איז געווען אַ מילדע, אַ לופטיגע, און די איינוואָהנער פון די טענעמענט־הייזער האָבען געקאָנט שלאָפען אין זייערע ענגע שטייגלאַך. . .

זיי זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון אַ בעקעריי. פון דעם דונקעלען קעלער, וואו מען האָט געבאַקט, האָט זיך געצויגען אַ וואַרעמער, געשמאַקער גערוך פון הייסען, פרישען געבעקס. נעבען דער אָפענער טהיר פון׳ם קעלער, ביים אַראָבגאַנג, אויף דעם אויבערשטען טרעפּעל, איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אַ בעקער, אין ווייסע קליידער, מיט אַ ווייסען מיצעל אויף׳ן קאָפּ, מיט אַ פּנים, וואָס איז געווען אויפפאַלענד בלייך, אַזוי ווי אין גאַנצען אַ מעהלענער, אייגער פון יענע פּנים׳ער, וואָס מען זעהט אַזוי אָפט צווישען די בעקערס. און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען הינטער זיי נעבען דעם שוואַרצען קעלער און האָט געצויגען אין זיך די ביינאַכטיגע לופט, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ מת אין ווייסע תכריכים, וואָס וואָלט פון זיין פערשטיקטען קבר אַרויסגעקראָכען, כדי אביסעלע פרישע לופט ביי די לעבעדיגע צו גנב׳ענען.

זיי האָבען איהם ניט בעמערקט, איהם, וואָס ער האָט אַזוי דערמאָנט די טויטע. זיי, וואָס זיינען איצט אין גאַנצען בעהערשט געווען פון׳ם לעבען, האָבען קיינעם און גאָר נישט אַרום זיך ניט בעמערקט און ניט געהערט. ביידע האָבען זיי זיך איצט געפיהלט אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, אַ פער׳כשופ׳טער וועלט, וואו נור ער און זי און זי און ער זיינען געווען . . .

ערשט מיט איין שעה צוריק האָט זי געהערט פון איהם אין צענטראַל פּאַרק דאָס, פון וואָס זי האָט גע׳חלומ׳ט די גאַנצע צוויי חדשים, זינט זי האָט זיך מיט איהם בעקאָנט ביים לעצטען סטרייק פון איהר יוניאָן. און ער האָט פון איהר אויך געהערט דאָס וואָרט, וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט צו הערען. און אויף ביידענס ליפּען איז נאָך ניט פערלאָשען געווען דער שפּור פון די ברענענדיגע קושען. און אין ביידע יונגע קערפּערס האָט נאָך געהוליעט די לעבענס־פרייד, וואָס די אומאַרמונגען האָבען אַרויסגערופען. און ביידען איז אַזוי אַנגענעהם געווען צו שטעהן אַזוי, האַלטען אַזוי איינער דעם אַנדערנ׳ס האַנד, און קוקען, קוקען אַזוי איינער דעם אַנדערן אין די אויגען אַריין און דורך זיי ריידען איינער צום אַנדערן אָהן ווערטער מיט פונקען־שפּראַך, מיט נשמה־שפּראַך, מיט וועלכער נור די ליעבע אַליין קאָן ריידען . . .

ביידע זיינען געווען יונג און שטאַרק. אין

ביידען האָט דאָס רוישיגע לעבען געקאָכט. זי אַ יאָהר 19 אַלט, אַ העלער, ליכטיגער, שלאַנקער און בייגיגער וועזען, מיט אַ פיינעם קאָפּ בלאָנדע האָאר, וואָס האָבען אָפּגעשלאָגען אונטער דעם מאַטאָווען, עלעקטרישען שיין ווי גאָלדענע, מיט אַ פּנים, ווייס און צאַרט, און אויגען בלוי און פער׳חלום׳ט. ער אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, הויך און ברייט, מיט אַ פּנים, רויט, פליישיג און פּלאַציג, אָהן וואָנסען, מיט אויגען, אויסגעגלאָצט ווי ביי אַ קאַלב. ער איז געשטאַנען מיט אַ ניט־פּערדעקטען קאָפּ, דעם שטרויענעם הוט אָנגעשפּילעט מיט אַ שנירעל אָן אַ קנעפּעל פון זיין רעקעל, מעשה פּראַנט, מיט אַ ווייס טיכעלע ניעדריג ארום האַלז. זיין נאַקען איז געווען קורץ און דיק, און רויט, און מעכטיג, ווי ביי אַ בופלאַקס. און אַזוי מעכטיג איז געווען זיין האַלב־אויסגערונדעטער גלאַנציגער שטערן, אַזוי ווי פון דעמב אויסגעשניצט און אָפּגעפּאָלירט, איבער וועלכען, דאַכט זיך, אַ שטאַרקער האַמער וואָלט געקאָנט צוברעכען ווערען. און — זיין רויטע האַנד, וואָס האָט געהאַלטען איהר קליינציקע און צאַרטע הענטעלע, איז דאַכט זיך, ווי בעשאַפען געווען, אומצואוואַרפען אָקסען אין אַ „באַינע“. קורץ, נעבען איהר האָט ער אויסגעזעהן אַ שטיק געזונדע, מעכטיגע, ניט געצאַצקעטע פּראָזא נעבען אַ הערליכען פּאָעטישען טרוים . . .

צום סוף האָט זי אַרויסגערעדט :

— אַי, מאַקס, שוין שפּעט ! מען דאַרף מאָרגען צו דער ארבייט געהן.

— יאַ, שלאָפען ! — האָט ער אַרויסגעמורמעלט — גוט נאַכט ! . . .

ער האָט אַרויסגעלאָזט איהר האַנד. זי האָט איהם אַ לאַסטע געטהאָן מיט די אויגען און איז אַרויפגעלאָפען די עטליכע שטיינערנע טרעפּלאָך, וואָס האָבען געפיהרט צו דער טהיר פון׳ם טענעמענט־הויז. דאַן האָט ער זי ווידער אַ רוף געטהאָן :

— פריידעל ! . . .

זי איז שוין געווען אין דער אַריינגאַנגס־טהיר, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אומגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו איהם.

— וואָס, מאַקס ? . . .

— איין מינוט. (זיי האָבען ביידע געפּליסטערט).

ער איז אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ.

— וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגען ?...

— האָט ער אַרויסגעפּליסטערט פערטראַכט און געקוקט מיט זיינע אויסגעגלאָצטע אויגען . . .

— וואָס ?

— יאַ, ווען קומסטו פון דער ארבייט ?

— זעקס.

— האַלב נאָך זעקס וועל איך ביי דיר זיין.

— אלל־רייט, מאַקס. גוט נאַכט.

— גוט נאַכט.

זיי האָבען זיך ווידער געגעבען די הענד און ווידער זיך אַריינגעקוקט אין די אויגען אריין. דאַן ווידער :

— גוט נאַכט.

— גוט נאַכט.

ער האָט אָבער איהר האַנד נאָך ניט אַרויסגעלאָזט :

— פריידעל, פאָהרען מיר דעם זונטאָג אין קוני־איילאַנד זיך באָדען ?

— וואָס רעדט איהר ? שוין קאַלט . . .

— פּטור נו ! איך׳ל זיך נאָך באָדען און באָדען ביז אָקטאָבער אוודאי . . .

— איהר זייט, קיין עין הרע, אַזוי געזונד . . .

— און אויף מיין בייסיקעל וועל איך דיך אויך אויסלערנען פאָהרען, פריידעל . . . איך׳ל זיך קריגען אַ בייסיקעל פּאָר צווייען און מיר וועלען פאָהרען, פריידעל, יעדען טאָג אין פּאַרק . . .

— און ווער וועט ארבייטען, מאַקס ? און אויף אַ מיטינג דאַרף מען דאָך אַמאָל אויך געהן . . .

— אויף אַלץ אַ צייט, פריידעל . . . ווי זאָגט מען ? על הכל. על הכל...

ער האָט איהר האַנד אַרויסגעלאָזט, אונגעדולדיג אַ קראַץ געטהאָן זיך אין קאָפּ און אַרויסגעמורמעלט :

— איך זאָל פערגעסען ! על הכל . . . על הכל . . . ווי איז דאָרט ווייטער ? . . . מאָדנע. דאַכט זיך, אַזוי געדענק איך דעם שווערסטען וויסענשאַפטליכען וואָרט, וואָס — וועלכער בעהאַנדעלט דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס, און אָט אַזאַ וואָרט, ניט קיין וויסענשאַפטליכער, איז מיר פון׳ם זינען אַרויס... אָבער דו פערשטעהסט דאָך, וואָס איך מיין, פריידעל ?... ביי מיר איז אויף יעדער זאַך דאָ אַ צייט. איך פערפעהל ניט קיין מיטינגען. געה צו לעקטשורס, פאָהר אויפ׳ן בייסיקעל, באָד זיך אין קוני־איילאַנד, מיט איין וואָרט, פריידעל, על הכל... אַי ! עת!... — האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטהאָן און אַזוי אַ פּאַטש געטהאָן אין די הענד, דאָס אין דער ביינאַכטיגער שטילקייט האָט אָבגעהילכט ווי עפּעס וואָלט געפּלאַצט, און פריידעל האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, און דער יונגער בעקער, וואָס איז געווען פערשוואונדען אין קעלער, האָט זיך ווידער בעוויזען אויף דעם אויבערשטען טרעפּעל נעבען קעלער־טיר, כדי צו זעהן, וואָס האָט דאָרט פּאַסירט...

— על הכל עת ! איך האָב זיך פּאָרט דערמאָנט ! פערגעסען און זיך דערמאָנט ! — האָט מאַקס געשריען.

— ש־ש־ש! מען שלאָפט!...

ער איז אַנשוויגען געוואָרען מיט אַן אויסדרוק פֿון התפּעלות אויף דעם רויטען, פֿלאַציגען פּנים.

— גוט נאַכט, מאַקס!

— גוט נאַכט.

זי האָט אַ שטויס געטהאָן די גאַס־טיר. זי האָט זיך געעפֿענט. פֿריידעל איז אַריין אין קאָרידאָר. ער האָט זיך אַריינגעשטופּט נאָך איהר.

— געהט אַהיים, מאַקס!

ער האָט איהר ניט געענטפֿערט. און אַזוי ווי דאָרט איז געווען פֿינסטער, האָט ער זי צוגעצויגען צו זיך.

זי האָט איהם געוואָלט ווידער בעטען, ער זאָל שוין געהן, ווייל עס איז שפּעט, נור דערפֿיהלט זיין קוש אויף איהרע ליפּען, האָט זי פֿערגעסען, וואָס זי האָט איהם געוואָלט בעטען און זיך צוגעדריקט צו איהם אַזוי, אַקוראַט ווי זי וואָלט אין איהם געוואָלט אַריינקריכען אין גאַנצען. דאַן האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטהאָן:

— אָי! אָי! אָי! מאַקס! איהר זייט צו געזונד פֿאַר מיר!...

ער האָט זיך שטיל און גליקלאַך צולאַכט:

— איך וואָלט דיך אַזוי אַ נעהם געטהאָן — האָט ער געפֿליסטערט — אָט אַזוי אָ, אויפ'ן לאַדאָן, און וואָלט דיך גאַנצע מיילען געטראָגען. איך וואָלט ניט מיעד געוואָרען. קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט... ווען דו וואָלסט אפילו געוואויגען הונדערט פּוד, וואָלט איך דיך איצט געקענט טראָגען. אַזוי שטאַרק ליעב איך דיך. דאָס איז אַ נאַטור זאַך — האָט ער איהר גענומען ערקלערען — די וויסענשאַפט זאָגט, אַז ווען מען ליעבט, קאָן מען טראָגען; ד. ה., די פֿערליעבטע אָדער דעם פֿערליעבטען, עס מאַכט ניט וויפֿיעל זיי האָבען וואָג... אַזוי אַרבייט עס די מעכאַנאַציע פֿון דער נאַטור!... הער נור: האָסטו אַמאָל געלעזען דעם ביכעל „סאַפּהאָ?" דו געדענקסט, ווי דער געליעבטער טראָגט זי אַרויף די טרעפּ?... דו ווילסט, פֿריידעל, איך זאָל דיך אויך אַרויפֿטראָגען?...

— נו, נו, זייט ניט משוגע, מאַקס! גוט נאַכט!

— גוט נאַכט!

זי איז אַרויפֿגעגאַנגען אַ פּאָאַר טרעפּלאַך, וואָס האָבען געפֿיהרט צום ערשטען שטאָק, וואו זי האָט מיט איהרע עלטערן געוואָהנט, האָט זיך אָבגעשטעלט און אומגעקוקט צו איהם. ער איז צוגעגאַנגען צו דער אַרויסגאַנ־טיר, האָט זי געעפֿענט — דערביי האָט אַ העלקייט פֿון דרויסען אין דעם פֿינסטערען קאָרידאָר זיך אַריינגעריסען — און ער האָט זיך אויך אָבגעשטעלט און אומגעקוקט צו איהר.

אַ ווײַלע האָבען ביידע זיך אַזוי פֿון ווייטען אָנגעקוקט און ביידע האָבען געשמייכעלט אַזוי גליקליך. פֿון אויבען האָט זיך עמיצער גע'גנב'ט אויף די שפּיץ־פֿינגער פֿון די טרעפּ. זי האָט זיך אומגעקוקט. אַ מאַן איז אַרונטערגעגאַנגען. ער האָט דאָרט, אויף דעם פֿיערטען שטאָק, פֿון געקויפֿטער ליעבע גענאָסען. איצט האָט ער זיך גע'גנב'עט פֿון דעם הויז אַרויס אַ פֿערשעהמטער. ער איז פֿערביי געלאָפֿען פֿריידל'ן און דערנאָך מאַקס'ן און איז פֿערשוואונדען.

דאַן האָט מאַקס זיך ווידער אָנגערופֿען:

— פֿריידעל, געהסט טאַקע שלאָפֿען?

— יאָ, איהר האָט אַ מעטש?...

— יאָ, קום, איך וועל דיר געבען.

און ער האָט אַרויסגענומען אַ קעסטעלע שוועבעלאַך פֿון אַ קעשענע.

— וועט איהר מיך ניט פֿערהאַלטען?

— ניין.

— שווערט זיך.

— דו קענסט דאָך מיך, איך בין ניט קיין בלאָפֿער...

— געדענקט־זשע!...

און זי איז צוריק אַרונטער פֿון די טרעפּלאַך, האָט גענומען פֿון איהם דאָס קעסטעלע שוועבעלאַך, אַנגענומען איהם ביי זיין מעכטיגען אַקסעל און גענומען איהם שטופּען פֿון דער טיר

— נור געה, שטופּ אַ טענעמענט־הויז!...

נו, מאַקסעלע, טהייערינקער, איך בעט אייך!...

— נור איין קוש, פֿריידעל! — האָט ער אַרויסגעפֿליסטערט און געקוקט אויף איהר מיט זיינע קעלבערנע אויגען אַזוי פֿערליעבט.

זי האָט זאַכט אַ פֿיהר געטהאָן מיט איהרע פֿינגער איבער זיינע גלאַטע, וואַרעמע באַקען, מיט אימפּעט איהם אַ קוש געטהאָן, אַ ריס געטהאָן זיך פֿון איהם, אַרויסגעשטופּט איהם, שנעל צוגעמאַכט די גלעזערנע גאַס־טיר, הינטער וועלכער ער איז שטעהן געבליבען מיט אַ פֿער'שיכור'טען שמייכעל אויף זיין ברייטען פּנים, און האָט דורכ'ן שויב פֿון דער טיר קינדערש־שטיפֿעריש צו איהר מיט דער האַנד אַ מאַך געטהאָן:

— גוט נאַכט!

— גוט נאַכט! הער נור, פֿריידעל — ער האָט צוגעלעגט זיין פּנים צום שויב און געפֿליסטערט פֿון יענער זייט טיר — האָסט אַ מאָל געהערט פֿון אַ גרויסען שרייבער שאָפּענהויער?

— דאַכט זיך, אַז יאָ. וואָס איז?

זי האָט אויך צוגעלעגט איהר פּנים צו דעם שויב פֿון דער זייט.

— ער איז אַ בלאָפֿער — האָט מאַקס געזאָגט.

— נו, דיין האגה!

— ניין, ער איז אַ בלאָפֿער, פֿריידעל.

אויף אַ לעקטשור האָב איך געהערט, אַז ער שרייבט, אַז עס איז ניט ווערטה צו לעבען אויף דער וועלט. — נו, איז ער ניט קיין בלאָפער, פריידעל ? . . .

— שור, מאַקס.

— עס איז דאָך אַזוי אַ מחיה צו לעבען, ניט אַזוי, פריידעל ? . . .

— שור, מאַקס !

— איך וועט !

ער האָט אויסגעשטעלט זיינע ווייסע ציינער הינטער'ן שויב און זיך גליקליך און שטיל צו־לאַכט.

זי האָט איהם געענטפערט מיט אַ ליכטי־גען שמייכעל.

דאַן האָט זי זיך ווי מיט גוואלד אַ ריס געטהאָן פון דער טהיר :

— גוט נאַכט !

— גוט נאַכט !... (פאָרטזעצונג קומט)

בעאָבאַכטער

די אידישע יוניאָנס אין 1913

דער יאָהר 1913 וועט פערצייכענט ווערען אַלס איינער פון די וויכטיגסטע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג אין אַמעריקאַ. סאַי די גרויסע יוניאָנס, סאַי די קליינע, סאַי די אַלטע אָרגאַניזאַציאָנען, סאַי די נייע וועלען דיעזען יאָהר לאַנג געדענקען. מיר האָבען אין פערלויף פון דעם יאָהר געהאַט סטרייקס אַלערליי : גרויסע, מיטעלע און קליינע. — און בייגעוואָהנט די געבורט און די ענטוויקלונג פון צעהנדליגע שפּאָגעל נייע יוניאָנס. עס זיינען פאָרגעקומען אין די אַלע אָרגאַניזאַציאָנען פערשיעדענע פּאַסירונגען, וואָס זייערע רעזולטאַטען וועלען געוויס האָבען אַ לאַנג־דוירענדעווירקונג אויף דער גאַנצער אַרבייטער בעוועגונג איבער גאַנץ אַמעריקאַ.

שוין בעת'ן אָנפאַנג פון יאָהר איז די גרויסע שניידער אַרמעע געשטאַנען אויפ'ן קאַמפּפס־פעלד. מען האָט שוין אויך דאַן געוואוסט דאָס די לײדיעס ווייסט מייקערס, די ווהייט גודס אַרבייטער, די ראַפּפּער און קימאָנאַ מייקערס גרייטען זיך צו פערלאָזען די שעפּער. אביסעל האָט דאָס האַרץ געשראָקען. מען האָט געוואוסט, דאָס דער שניידער קאַמפּף וועט זיין אַ שווערער, לאַנגער, און אַ ביטערער. מען האָט ערוואַרטעט, דאָס אויף איהם וועלען דאַרפען אָפּגעגעבען ווערען אַלע כוחות פון דער גאַנצער אַרבייטער בעוועגונג. מען האָט דארום מורא געהאַט, דאָס די דריי אַנדערע סטרייקס וועלען שטערען, אָפּציהען קרעפטען, אָפּשוואַכען די פּעראייניגטע מאַכט.

בלויז די גאַנץ נאָהענטע מענשען האָבען געוואוסט פון דעם סוד, דאָס די דריי לײדיעס גאַרמענט סטרייקס זיינען געווען כמעט געסעטעלט איידער זיי זיינען אַרויסגערופען געוואָרען. די אינטערנייִשאָנעל האָט שוין פון פריהער געהאַט פערהאַנדעלט מיט דער אַסאָסיאיישאָן פון די באָסעס און אַ פּראָטאָקאָל איז שוין געווען כמעט אין גאַנצען אויסגעארבייט. אַזוי גלאַט ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט איז עס אפילו ניט געגאַנגען. איבערהויפּט איז געווען טראָבעל ביי דער ווהייט גודס יוניאָן ; דער פּראָטאָקאָל האָט די סטרייקערס פון אנפאַנג ניט צופריעדענגעשטעלט. די ראַפּפּער און קימאָנאַ מייקער האָבען אויך ניט געהאַט דעם ערפאָלג, וואָס מען האָט ערוואַרטעט. אָבער יעדענפאַלס איז אין אַ פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט אַלעס געסעטעלט געוואָרען, אָהן די הילפע פון אנדערע, אָהן דער שטיצע זאָגאַר פון דעם גרויסען עולם.

דער שניידער סטרייק האָט זיך, פאָרקעהרט, געצויגען און געצויגען וואָכען און מאָנאַטען. ער איז געוואָרען שרעקליכער און פערצווייפעלטער פון טאָג צו טאָג. די גאַנצע אידישע אַרבייטערשאַפט פון אמעריקא האָט איהם אויפגענומען מיט דער מערקווירדיגסטער איבערגעבענהייט און געענדיגט האָט ער זיך מיט אַ פשרה, וואָס האָט קיינעם ניט צופריעדען געשטעלט, ניט די אַרבייטער, ניט די באָסעס.

די שניידער האָבען געהאַט אַ סטרייק אָהן אַ סעטעלמענט ; די לײדיעס גאַרמענט ארבייטער האָבען געהאַט אַ סעטעלמענט אָהן אַ סטרייק ; אָבער די יוניאָנס זיינען איבערגעבליבען אַלע. דאָס זיינען פּיעללייכט די צוויי וויכטיגסטע נייעסטען אין דער אַרבייטער בעוועגונג, וואָס דיעזער יאָהר האָט געבראַכט. מיט יאָהרען צוריק וואָלט אַזאַ ענדע, ווי דער שניידער סטרייק האָט געהאַט, פון דער יוניאָן קיין שריד ופליט ניט איבערגעלאָזען ; מיט יאָהרען צוריק וואָלט מען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, דאָס עס וואָלט מעגליך זיין צו סעט־

לען אַ סטרייק נאָך איידער ער איז ערקלעהרט געוואָרען. און נאָך אין אזוינע טריידס, וועלכע האָבען כמעט קיין שום יוניאָנס ניט געהאַט. די לײדיעס ווייסט מייקערס זיינען אין אָנפאַנג פון יאָהר געווען כמעט אין גאַנצען אונאָרגאַניזירט. די ראַפּפּער און קימאָנא מייקערס זיינען געווען נאָך אין אַ ערגערער לאַגע ווי זיי. בלויז די וועהיט גודס אַרבייטער האָבען געהאַט אַ שטיקעל אָרגאַניזאַציאָן, פאַר וועלכער די באָסעס האָבען זיך עטוואָס געדאַרפט שרעקען.

ווי ערקלעהרט מען דאָס ? ווי ערקלעהרט מען אַז ביי אידישע אַרבייטער זאָל נאָך אַ לאַנגען ניט געסעטעלטען סטרייק דאָך בלייבען אַ יוניאָן ? ווי ערקלעהרט מען אַ סעטעלמענט ביי אידישע באָסעס מיט אַ שוואַכע יוניאָן נאָך איידער זי איז אין סטרייק ארוים ?

נייע צייטען — דאָס איז דער איינציגער תירוץ.

דער שניידער האָט דיעזען מאָל בעוויזען, דאָס ער איז ניט מעהר דער דערשלאָגענער, מוטהלאָזער שקלאַף, פאַר וועלכען מען האָט איהם אימער געהאַלטען. ווען ער איז צוריק אַוועק אין שאַפּ אַן אויסגעהונגערטער, האָט ער ניט, ווי אַ מאָל, אַראָבגעבויגען זיין קאָפּ פאַר זיין בעל הבית און ארויפגעצויגען אויף זיך דעם אַלטען יאָך. פאַרקעהרט, ער איז אַריין שטאָלץ מיט דאָס קליין ביסעלע, וואָס ער האָט נאָך זיין ביטערען קאַמפּף געוואונען : ער איז אַריין ענטשלאָסען פאָרטצוזעצען דעם קאַמפּף אין דער פעקטאָרי גופא פאַר מעהר און מעהר, פאַר נאָך און נאָך, יעדען טאָג אין וואָך, יעדען וואָך אין יאָהר.

אַ נייער גייסט ! אַ נייער סאָרט יוניאָן־מאַן צווישען אידען !

פון די אַלע פאָדערונגען, וואָס די אַרבייטער האָבען געשטעלט די באָסעס האָט מען זיי בלויז אַ טהייל נאָכגעגעבען, אויף שטונדען און ווידזשעס. אָבער אַ דאַנק דער איינינקייט, און סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער, האָבען זיי אין דעם יאָהר געוואונען אַ סך פון די איבריגע פונקטען : די יוניאָן האָט איצט פאָלשטענדיגען קאָנטראָל איבער 75 פּראָצענט פון דעם טרייד — אַ קאָנטראָל, וועלכע איז ניט גאָר ווייט פון קלאָוזד שאָפּ.

און מיט די מאַנופעקטשורערס פון די דריי לײדיעס גאַרמענטס טרייד, וועלכע האָבען געסעטעלט מיט שוואַכע יוניאָנס, כמעט גאָר אָהן אַ סטרייק, איז אויך קיין נס ניט געשעהן. דאָס איז געווען די אַרבייט פון דער אינטערנעשיאָנעל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס ; און די באָסעס, האָבען געוואוסט, דאָס די אינטערנעשיאָנעל הייסט אייגענטליך — די ריעזיגע קלאָוקמאַכער יוניאָן, מיט איהר רייכע טרעזשורי, איהר גרויסען איינפלוס און איהר וואונדערבארער פעהיגקייט אנצופיהרען אַ קאַמפּף. דער פּראָטאָקאָל, וואָס די אינטערנעשיאָנעל בעאַמטע האָבען פאַר די באָסעס פאָרגעלעגט, איז געווען עהנליך צו דעם פּראָטאָקאָל פון דער קלאָוקמייקערס יוניאָן. די באָסעס האָבען אלזאָ געהאַט די ברירה : ענטוועדער דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבען און לעבען פריעדליך מיט די אַרבייטער און פיהרען אונגעשטערט זייערע ביזנעס, ווי די קלאָוק באָסעס האָבען דאָס געטהאָן פאַר די לעצטע דריי יאָהר ; אָדער אַרויסצוגעהן אין קאַמפּף מיט אַן ארמעע, וועלכע האָט די שטיצע פון דער געוואַלדיגער, רייכער קלאָוק מייקער יוניאָן. און זיי האָבען קלוג געטהאָן, וואָס זיי האָבען אויסגעקליבען דאָס ערשטע.

נאָך צוויי יוניאָנס האָט די אינטערנעשיאָנעל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס דורכ'ן יאָהר אויפגעבויט. איינע פון זיי, די ריינקאָוט מייקערס יוניאָן, האָט געמוזט דורכמאַכען אַ גאַנץ שווערען קאַמפּף איידער זי איז פון די באָסעס אנערקענט געוואָרען ; די צווייטע, די טשילדרען דרעס־מייקערס, האָט געוואונען אַ גאַנץ לייכטען זיעג, כמעט אויף דעם זעלבען שטייגער ווי די ווייסט מאַכער. איצטער ביידע פון יאָהר שטעהן די ריינקאָוט מייקערס שטאַרק און די טשילדרען דרעס־מייקערס געפינען זיך אין אַ קריטישער לאַגע.

* * *

די מעטהאָדע פון סעטלען סטרייקס מיט באָסעס אסאָסיאיישאָנס דורך פּראָטאָקאָלס געהט אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג אַריין שטאַרק אין דער מאָדע. דער פּראָטאָקאָל איז ניט אַלע מאָל פון דעם זעלבען סאָרט. זיי נעהמען אַלע אלס מוסטער דעם קלאָוקמאַכער פּראָטאָקאָל, אָבער יעדע יוניאָן ענדערט און מאָדיפיצירט איהם אַזוי, אַז ער זאָל זיך צופּאַסען צו די אומשטענדען פון טרייד, און זאָל מעהרער אָדער וועניגער אויסדריקען די מאַכט פון דער יוניאָן.

אין דעם לעצטען יאָהר האָבען פיעלע גרויסע און קליינע סטרייקס זיך געענדיגט מיט פּראָטאָקאָל סעטלמענטס ; אָבער ווי פערשיעדען זיינען זיי געווען איינער פון דעם אַנדערען. אויף איין עקסטרעם שטעהט דער שניידער־סעטלמענט, וועלכער האָט אַן „אויף־מיר־פּראָטאָקאָל". זאָגאַר דער הויפּט פונקט, דער פונדאַמענטאַלער פּראָטאָקאָל פּרינציפּ, נעמליך אַז עס זאָל ניט ערלויבט זיי צו סטרייקען, פעהלט אין איהם. די אסס'ן פון די מאַנופעקטשורערס איז אויך ווי אויף צו כלומר'שט. איינצעלנע באָסעס טהוען וואָס זיי ווילען, און די אַרבייטער האַנדלען ווי זיי געפינען פאַר נויטיג.

אויף דעם צווייטען עקסטרעם וויעדער שטעהט דער פיינטער־פּראָטאָקאָל, וועלכער איז אויך געמאַכט געוואָרען נאָך אַ לאַנגען, ביטערען

קאַמפּף אין די פריהלינג מאָנאַטען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר. דיעזער פּראָטאָקאָל איז אַ קאָנטראַקט פון דעם אַלטען סאָרט: אַ קאָנטראַקט, וואָס גיעט דער יוניאָן אַן אמת'ען קלאָזד שאַפּ, מיט די אַלע פּריווילעגיען און רעכטע, וואָס דער קלאָזד שאַפּ ברענגט מיט זיך.

א יאָהר פון פּראָטאָקאָלען! אָבער בעת אַזוי פיעל יוניאָנס האָבען די נייע מעטאָדע אָנגענומען, איז גראַדע אין דער קלאָוק מאַכער יוניאָן, אין דער מוסטער פּראָטאָקאָל־אָרגאַניזאַציאָן, די גאַנצע פּראָטאָקאָל פראַגע איבער אַ ניי'ס אויפגעהויבען געוואָרען. שוין אין די ערשטע מאָנאַטען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר, האָבען די פיהרער פון דער יוניאָן גענומען שטעלען דער אַסאָסיאיישאָן געוויסע פאָדערונגען. זיי האָבען אָנגעוויזען אויף געוויסע חסרונות אין'ם פּראָטאָקאָל, חסרונות, וואו דער ליידענדער צד, נאַטירליך, זיינען די אַרבייטער, און זיי האָבען פאָרגעלייגט געוויסע אויסבעסערונגען, וועלכע וואָלטען דיעזע חסרונות אָבגעשאַפט. דאָס איז געוועזן דער אָנפאַנג פון אַ שטורעם. דאָס האָט געגעבען אַ געלעגענהייט געוויסע פאָרשטעהער פון דער אָרגאַניזאַציאָן ארויסצוטרעטען פאַר די מיטגליעדער מיט אַ נייער פּאָליסי — אַ פּאָליסי, וועלכע וואָלט אַ שטאַרקען קלאַפּ געגעבען דעם פונדאַמענט פון דעם פּראָטאָקאָל־סעטלמענט. דיעזע פאָרשטעהער האָבען ערקלעהרט, דאָס דער פּראָטאָקאָל איז אין גרונד גענומען „אַן אינשורענס פּאָליסי" פאַר די בעלי הבתים, אַז ביי זיי זאָל קיין סטרייק ניט זיין, און אַלס פּרעמיאום פאַר דיעזער פּאָליסי העלפען די באָסעס אויפצוהאַלטען די יוניאָן. זיי האָבען גע'טענה'ט, דאָס דערמיט וואָס דער פּראָטאָקאָל פאַרביט די אַרבייטער צו סטרייקען, נעהמט ער ביי זיי אַוועק זייער וויכטיגסטע וואַפע און שוואַכט אָפּ זייערע כוחות, די מאָראַלע אַזוי גוט ווי די פיזישע. זייער עצה צו די אַרבייטער איז דאַרום געוועזן, דאָס, ערשטענס, זאָל דער פּראָטאָקאָל אין געוויסע פונקטען אויסגעבעסערט ווערען, און צווייטענס, זאָלען די פערטרעטער פון דער יוניאָן ניט האַלטען דעם פּראָטאָקאָל פאַר הייליג און זאָלען אימער אין זינען האָבען, אַז זייער אויפגאַבע איז פריהער פאַר אַלץ צו קריעגען וואָס מעהרער און וואָס בעסערס פאַר די אַרבייטער.

די אַלטע פיהרער האָבען די שטעלונג צוריקגעוויזען אַלס אומפּראַקטיש און ניט קלוג. זיי האָבען צוגעגעבען, דאָס געוויסע ענדערונגען אין דעם פּראָטאָקאָל מוזען געמאַכט ווערען, און זיי האָבען פערזיכערט, אַז דאָס קען געטהאָן ווערען אויף אַ שטילען, פריעדליכען אופן. זיי האָבען זיך אימער געשטעלט פעסט דאַגעגען, אַז דער גייסט פון דער יוניאָן און די שטעלונג איהרע צו דער אַסאָסיאיישאָן זאָל אומגעביטען ווערען. דער פּראָטאָקאָל, האָבען זיי גע'טענה'ט, האָט פאַר די קלאָוקמאַכער אויפגעבויט אַ ריעזען אָרגאַניזאַציאָן. ער האָט די לאַגע פון די אַרבייטער פערבעסערט אָהן אַ שיעור. אונטער איהם איז זאָגאַר געלונגען צו פערגרעסערען די ווידזשעס פון איין קלאַס וואָך מענשען אָהן אַ שום קאַמפּף. נאָך זייער מיינונג איז דער פּראָטאָקאָל אַ פריעדענס־קאָנטראַקט, אַזוי ווי אַן אָפּמאַך צווישען נאַציאָנען. די יוניאָן דאַרף אויף דער אַסאָסיאיישאָן קוקען ווי אויף אַן אויסערליכע מאַכט מיט וועמען זי שטעהט אין פריינדליכע בעציהונגען. סכסוכים דאַרפען געסעטעלט ווערען דורך אַ קאָורט אויף אַ גערעכטען אופן, און אַלע כוחות דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען אויסצומיידען צוזאַמענשטויסע.

עס איז נאָך צו פריה צו זאָגען, וואָס דער רעזולטאַט פון דיעזען אינערליכען קאַמפּף פון דער אָרגאַניזאַציאָן וועט זיין. די גרויסע מאַסע, די מיטגליעדער פן דער יוניאָן, זיינען אויך צוטהיילט אין צוויי לאַגערען. עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס דער אויסגאַנג פון גאַנצען סכסוך וועט אַ טיעפע און לאַנג־דויערנדע ווירקונג האָבען ניט נאָר אויף דער קלאָוקמאַכערס יוניאָן, נאָר אויף דער גאַנצער אידישער אַרבייטער בעוועגונג אין אַמעריקא.

* * *

דער אינערליכער קאַמפּף ביי די קלאָוקמאַכער איז פון אָנפאַנג אָן געוועזן אַ ריין פּרינציפּיעלער. גאַנץ נאַטירליך אין צייט פון מלחמה, ווערען אריינגעמישט פערזענליכקייטען, אָבער אין גרונד גענומען דריקען ביידע צדדים אויס אַ געוויסע, בעשטימטע אַנשויאונג — אַ געוויסע, בעשטימטע שטעלונג צו דער גאַנצער אַרבייטער פראַגע. דאָס איז אָבער ניט געוועזן דער פאַל אין אַ צווייטען, גרויסען, אינערליכען קאַמפּף, וואָס עס האָט כמעט דעם גאַנצען יאָהר געבושעוועט אין איינער פון אונזערע שטאַרקסטע יוניאָנס. מיר מיינען דאָ דעם קאַמפּף צווישען לאָקאַלס אין דער בעקער־אָרגאַניזאַציאָן.

גענומען האָט זיך דיעזער אינערליכער קאַמפּף נאָך פון דעם פאָריגען יאָהר; גלייך נאָך דעם, ווי דער גרויסער סטרייק ביי די דריי גרעסטע איסט סיידער בעקערס איז געסעטעלט געוואָרען, האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען וועגען ערנסטע בעשולדיגונגען געגען די פיהרער און געגען די מיטגליעדער פון דעם איסט סייד לאָקאַל נומ. 100. אין די ערשטע מאָנאַטען פון לעצטען יאָהר, האָבען דיעזע בעשולדיגונגען אָנגענומען אַ בעשטימטע פאָרמע. עס איז בעהויפּטעט געוואָרען אָפיציעל פון די אַנדערע לאָקאַלס פון גרייטער ניו־יאָרק, דאָס לאָקאַל 100 ערלויבט די דריי גרויסע באָסעס צו איבערטרעטען דעם יוניאָן־קאָנטראַקט אויף שריט און טריט. זיי האָבען אויך געמאַכט בעשולדיגונג־

נען וועגן גרעפט פון בעאמטע און וועגן פערפאלגונגען און אונטערדריקונגען פון מיטגליעדער, וואס וואגן זיך צו שטעלן פאר גערעכטיגקייט.

אויף דיעזע בעשולדיגונגען האט לאקאל הונדערט געענטפערט מיט געגען־בעשולדיגונגען. לאקאל 100 האט ערקלעהרט, אז די בעשולדיגער שטעהען אין פערבינדונג מיט זייערע באסעס און זייערע לאקאלס זוכען אנצומאכען טראבעל אין די דריי גרויסע איסט סיידער שעפער כדי זייערע אייגענע בעלי הבתים זאלען לייכטער קענען מיט די דריי פירמעס קאנקורירען אויפ'ן ברויט־מארקעט.

די אלע גרעפט און גוואלד בעשולדיגונגען האט לאקאל 100 ענטשיעדען אפגעלייקענט.

אין דער גאנצער ארבייטער געשיכטע פון דיעזען יאהר, איז דיעזער פייט ביי די בעקערס געוועזען די טרויעריגסטע פאסירונג. די בעקער יוניאן איז אויפגעבויט געווארען דורך דער הילפע און שטיצע פון דעם גאנצען אידישען ארבייטער פאלק. מען קען זאגען, אז נאך איצטער ווערט זי אויפגעהאלטען דורך דעם, וואס די אידישע פרויען פאדערן דעם יוניאן לייבעל אויף די ברויט. אזא ארגאניזאציאן האט אויף זיך גערדארפט פיהלען א הויכע, מאראלע פפליכט, א טיעפע מאראלע פעראנטווארטליכקייט. זי האט גערארפט שטרעבען צו זיין א מוסטער פון איינינקייט, סאלידאריטעט און טרייהייט צו דער בעסטער ארבייטער מאראל און יוניאן דיסציפלין. צום סוף הערשט דארט אזא מיאוסער ברודער־קאמפף, אזא פיינדשאפט צווישען די פערשיעדענע לאקאלס.

* * *

לעצטען יאהר האט מען געקענט ערווארטען טראבעל פון די „אינדאסטריעל ווארקערס אוו דהי ווארלד". דער לאורענס סטרייק האט זיי געמאכט א גרויסען שם צווישען ארבייטער, און מען האט ערווארטעט דאס זיי וועלען זיך דערמיט בענוצען ארייצודרינגען אין דער אידישער בעוועגונג פון ניו יארק. אבער גליקליכערווייזע האט דאס ניט פאסירט, און דאס צו פערדאנקען האבען מיר דער שטארקייט פון אונזערע יוניאנס און דער איינינקייט וואס הערשט צווישען זיי, דורך דער פערבינדענדע קערפערשאפט, „די פעראייניגטע אידישע געווערשאפטען". מעגליך אז טהייל ווייז איז פאר דעם אויך פעראנטווארטליך די ניעדערלאגע, וואס די אינדאסטריאליסטען האבען געהאט אין פעטערסאן. זייער סט. לאורענס'ער גלאנץ איז דורך פעטערסאן היבש פערדונקעלט געווארען.

דאס הייסט אבער ניט, אז די א. וו. וו. האט דעם יאהר אין גאנצען קיין טראבעל ניט פעראורזאכט. זי האט א פאאר פראבעס יא געמאכט, אין דער אידישער בעוועגונג זיך ארייצוצורייסען, אבער יעדעס מאל, האט די פעראייניגטע מאכט פון די יוניאנס די א. וו. וו. צוריקגעשטויסען.

בלויז איין פראבע פון א. וו. וו. האט געקענט זיין געפעהרליך. אבער דאס איז געוועזען דערפאר, ווייל אין דיעזען פאל האבען די אינדאסטריאליסטען ווירקליך געהאט א באדען. מיר מיינען דא די פאסירונג אין דעם בארבער טרייד. אנגעפאנגען האבען די אינדאסטריאליסטען גוט. זיי האבען זיך אונטערגענומען צו ארגאניזירען אלע בארבערס פון גרייטער ניו־יארק. סאי פון די ארימע, סאי פון די רייכע קווארטאלען. די קליינע אידישע בארבער־יוניאן איז פון זיי נאטירליך ניט אנערקענט געווארען. און ווען די נייע ארגאניזאציאן האט ארויסגעלאזען א בעפעהל צו אלע בארבערס זיי זאלען פערלאזען זייערע פלעצער, האבען די אלטע, אידישע יוניאן־לייט געמוזט פאלגען — איינפאך אויס מורא. די אידישע ארגאניזאציאן האט מיט אלע כוחות געזוכט צו קומען צו א פערשטענדניס מיט די פיהרער פון דער נייער יוניאן, אבער יענע האבען פון איהר ניט געוואלט הערען. זיי האבען די עלטערע יוניאן, ווי זייער שטייגער איז, פערדאמט אלס קאפיטאליסטישע ארגאניזאציאן, וועלכע מוז פערניכטעט ווערען.

דאס איז אבער געוועזען בלויז פון אנפאנג, ווען דער ברען און דער קאך האט ארומגעכאפט דעם גאנצען טרייד. נור באלד האבען די ארבייטער גענומען זיך ארומזעהן, דאס אין דער גאנצער בעוועגונג איז קיין ממשות ניטא, דאס זי איז אויפגעבלאזען געווארען פון פראזען, געשרייען און שטראשונקעס, און דאס זי וועט די ארבייטער גארנישט געבען, צו גארנישט פיהרען. די בעסערע ארבייטער אין די רייכערע קווארטאלען, וועלכע האבען געהאט פיעל צו ריזיקירען, האבען זיך פון דער גאנצער בעוועגונג באלד אבגעטרייסעלט. די גרויסע ערד־ציטערניש איז איינגעשטעלט געווארען, עס איז בלויז פערבליעבען א קליינער שטורעם אין די אידישע קווארטאלען, וואו די אלטע יוניאן האט עקזיסטירט. אונטער דיעזע אומשטענדען איז דאס מעגליך געווארען פאר דער אלטער ארגאניזאציאן אויפצונעהמען א קאמפף געגען די נייע צושטערער. דער קאמפף איז געוועזען א גאנץ ביטערער. אלע אידישע יוניאנס האבען די בארבערס געשטיצט. און די ענדע איז געוועזען א פאלשטענדיגע נידערלאגע פאר די אינדאסטריאליסטען.

זייער אמביציע זיך ארייצוכאפען אין די אידישע טריידס האבען זיי אבער אזוי שנעל ניט אויפגעגעבען. זיי האבען א פראבע געמאכט צו גרינדען לאקאלס פון אלע יוניאנס: א לאקאל פון א סעלצער יוניאן, פון א בעקער יוניאן, און זאגאר פון א שניידער און א קלאוקמאכער יוניאן. מען קען ניט זאגען, דאס די אלטע ארגא־

ניזאציאָנען האָבען אויף דיזע לעבערליכע פּראָ־
בעם געקוקט אין גאנצען מיט גלייכגילטיגקייט.
מען דארף וויסען, דאָס אין יעדער אָרגאניזאַ־
ציאָן זיינען דאָ אונצופריעדענע עלעמענטען, און
דיזע זיינען אימער בערייט אָבצורופען זיך אויף
יעדען נייעם טומעל. דער אינערליכער קאמפף
ביי די בעקער, געוויסע ספּעציעלע אומשטענדען
אין דער סעלצער יוניאָן, די אונצופריעדענ־
הייט מיט דעם סעטלמענט ביי די שניידער, די
אונצופריעדענהייט ביי די קלאָוקמאכער—אויף
אַלעם דעם האָבען די אינדאָסטריאליסטען גע־
בויט זייער האָפנונג ארייגצושפּארען זיך אין
דיזע טריידס און פאבריצירען אָפּאָזיציאָן־יו־
ניאָנס. אָבער די יוניאָנס זיינען אימער אויפ'ן
פּלאַץ דעם קאמפף אויפצונעהמען. די ארביי־
טער־אָרגאניזאציאָנען האָבען פערשטאַנען, אז
די געפאהר איז אַן אלגעמיינע און זיינען געקו־
מען איינע די אנדערע צו הילפע. דיזע פער־
אייניגטע פעסטע שטעלונג האָט אָם ענדע די
אינדאָסטריאליסטען פון די אידישע טריידס אין
גאנצען פערטריבען. יענע פּאסירונגען האָבען
בעוויזען, אז עס איז אוועק די צייט, ווען אידי־
שע טריידס זיינען געווען הפקר און יעדער, וואָס
האָט נאָר געוואָלט צולייגען אַ האנד, האָט גע־
קאָנט שאַפען מהומות.

* * *

דער יאָהר 1913 וועט אין דער געשיכטע
פון דער ארבייטער בעוועגונג פערצייכענט ווע־
רען אלס אַ יאָהר פון וויכטיגע ארבייטער
מלחמות, פון פיעלע נצחונות, פון פיעל בעדיי־
טענדע געשעהעניסען אין די יוניאָנס און ארום
די יוניאָנס. דאָס איז געווען אַ יאָהר פון לעבען,
פון טהעטיגקייט און פון אויפטהו.

מאָריס ראָזענפעלד

דער ארבייט'ס יום טוב *

געווידמעט די פעראייניגטע אידישע גע־
ווערקשאפטען צו זייער 25־יעהריגען
יובילעאום

איז דאָס דיין יום טוב, ארבייט, זאָג ?
טראָגסט דו דאָס איצט אַ יום טוב־קלייד ?
ווי זעלטען איז ביי דיר אַ ליעבער טאָג !
ווי זעלטען האָסטו ליכט און פרייד !

אין דומפּפע שעפּער פריה און שפּעט,
דאָרט שוויצט דו רק פון יאָהר צו יאָהר.
דערהיים האָסט דו אַ יאָמערבעט,
און חלום'סט פון בית עולם'ס נאָר.

מאשינען־רויש איז דיין מוזיק,
דעם מייסטערס בייזער—דיין געזאנג.
ווי פרעמד איז דיר דער אויסדרוק „גליק" !
דאָס וואָרט „גענוס"—אַ לעערער קלאַנג.

דו האָרעוועסט אין שוויים און גאַל,
דו רוהסט אין קרעכצען און אין נויט.
דיר גיט קיין טרייסט דער זונענשטראַהל,
דיר גיט דיין פּראַצע ניט קיין ברויט.

אין שטיק־ווארשטאטען שווארץ, פערשמוצט,
פערצאפּעלסט דו דיין ענערגי,
דאָך קלייד'ט דאָס דיר צו זיין פערפּוצט,
דאָך פּאַסט דיר שעהן דעם לעבענס גליה ;

דאָך וועקט אין דיר דער אינסטרומענט
פון זיסע טענער אויף אַ ליכט.
דיין הארץ קוועלט אָן און הייליג ברענט
די שכינה אויף דיין בלאס געזיכט.

ווי פלאַטערט הויך דיין ריינע פאָהן,
אָ, ארבייט ! ווי שאַלט פריי דיין ליעד !
ווען דו בעשטייגסט אַ ווייל דיין טהראָן
און ווערסט בעגריסט פון אָרמען איד.

דען ווי דער איד לייד'סט דו אָהן צאַהל
שפּאָט, בלוט־פערגיסונג, טיראַניי,
און ווי דער איד וועסט דו אמאָל
נאָך ווערען אויפגעריכט און פריי.

דרום הידד ארבייט ! זיי געלויבט !
דו ביזט דער גאָט פון אונזער וועלט.
ניט אייביג וועסט דו זיין בערויבט
פון דעם פערשאָלט'נעם שטן געלד.

וועסט ווערען דאָס, וואָס דו דאַרפסט זיין.
דער פינסטערער כח ווערט פערשטומט, —
מושטיח זיך איצט אין שמחות איין !
דיין גרויסער יום טוב געהט, ער קומט !...

*) נאכדרוק פערבאָטען.

ל. ב. בודין

וואָס איז אַזוינס פילאָזאָפיע?

(אַ הקדמה צו אַן אָבהאַנדלונג איבער דער פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזמוס)

די ערשטע שוועריגקייט, אויף וועלכער מיר שטויסען זיך אָן, גלייך פון אָנפאַנג, ווי נור מיר טרעטען צו צו דער בעהאַנדלונג פון אַזאַ טעמאַ ווי „די פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזמוס“, איז די אונבעשטימטהייט פון דעם וואָרט „פילאָזאָפיע“. פערשיעדענע מענשען פערשטעהען אונטער דיזען וואָרט פערשיעדענע זאַכען. איידער מען קען דאַרום איבערהויפט רעדען פון אַ „פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזמוס“, מוז מען זיך קלאָר מאַכען וואָס מען פערשטעהט אונטער דעם וואָרט „פילאָזאָפיע“. דאָס איז ספעציעל נויטיג דערפאַר, ווייל אפילו צווישען „פילאָזאָפען־פון־פאַך“, אַזוי צו זאָגען, זיינען אויך פאַראַן חלוקי הדעות איבער דעם, וואָס איז אַזוינס פילאָזאָפיע.

די הויפט שוועריגקייט בעשטעהט אין דעם, ווי אַזוי אָבצוגרענעצען פילאָזאָפיע פון וויסענשאַפט. איידער מיר קענען ענטפערען אויף דער פראַגע: וואָס איז אַזוינס פילאָזאָפיע? — מוזען מיר פאַרענטפערען צו ערשט די פראַגע: וואָס איז דער אונטערשייד צווישען פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט? אין פלוג גענומען איז אויף דיזע פראַגע לייכט צו ענטפערען. דער ענטפער, דוכט זיך, איז אויבען אויף: וויסענשאַפט איז גענוי, פינקטליך; בעת פילאָזאָפיע איז ספעקולאַטיוו, אונבעשטימט — שטיצט זיך אויף סברות און איבער־סברות. ווען מיר נעהמען אָבער צוגליעדערן דיזען ענטפער, געפינען מיר גלייך אויס, ווי פאַלש ער איז: עס זיינען פאַראַן צעהנדליגע „וויסענשאַפטען“, וועלכע זיינען פונקט אַזוי ווייט פון בעשטימטהייט ווי די ספעקולאַטיווסטע פילאָזאָפיע. נאָך מעהר, כמעט יעדע וויסענשאַפט, אפילו די גענויסטע, בעשטעהט פון אַ גענויען און ספעקולאַטיווען טייל. אָט, צום ביישפיעל, אַזאַ וויסענשאַפט ווי פיזיק. דוכט זיך, — אַ גענויע, פינקטליכע וויסענשאַפט — דאָס וואָס מען רופט אַן עקזאַקטע וויסענשאַפט. און דאָך, ווען איהר קומט אַריין אין די „העכערע מדרגות“, געפינט איהר זיך פלוצים אין אַ געביעט פון ריינער ספעקולאַציאָן. נעהמען מיר די אַטאָמען טעאָריע — די טעאָריע, לויט וועלכער די מאַטעריע שטעלט זיך צונויף פון חלקים׳לאַך־מאָלעקולען, און די מאָלעקולען פון אַטאָמען, וועלכע זיינען שוין אונטיילבאַר. דיזע טעאָריע האָט געגאָלטע און איז נאָך עד היום גילטיג אין דער פיזיק. איז דאָס ניט ריינע ספעקולאַציאָן? און דאַרום זעהען מיר טאַקע, דאָס אָפטמאָל זיינען אויפ׳ן גרונד פון די גענויסטע און עקזאַקטעסטע וויסענשאַפטען געבויט געוואָרען די ווילדסטע פילאָזאָפישע ספעקולאַציאָנען. די מאַטעמאַטיק, וועלכע איז די עקזאַקטעסטע פון אַלע וויסענשאַפטען, איז פון די גריכישע פילאָזאָפען, וועלכע זיינען אין דער געשיכטע בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „פיטהאַגאָרעער“ (נאָך פיטהאַגאָראַס, דעם בעגרינדער פון דיזער שולע) געמאַכט געוואָרען פאַר׳ן פונדאַמענט, אויף וועלכען זיי האָבען אויפגעבויט איינעם פון די פאַנטאַסטישסטע בנינים.

עס איז פאַרהאַן אַ צווייטע מיינונג, אַז דער אונטערשיעד צווישען פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט איז ניט אין דעם, וואָס די וויסענשאַפט איז עקזאַקט און די פילאָזאָפיע איז ספעקולאַטיוו, נור דער אונטערשיעד איז אין געגענשטאַנד, מיט וועלכען זיי באַשעפטיגען זיך. לויט דיזער מיינונג בעשעפטיגט זיך די „וויסענשאַפט“ מיט איין סאָרט געגענשטאַנדען, און די „פילאָזאָפיע“ מיט אַן אַנדער סאָרט. דיזע מיינונג, וועלכע איז זעהר פערשפרייט, איז ניט לאַנג אויסגעדריקט געוואָרען אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע, אין דעם פערלויף פון אַ דיסקוסיאָן איבער דער נייער מאָדישער פילאָזאָפיע, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „פראַגמאַטיזם“. בעת אָט דער דיסקוסיאָן האָט איין שרייבער ערקלערט אונגעפעהר פאָלגענדעס: די פילאָזאָפיע האָט זיך אימער בעשעפטיגט מיט עוויגע מאַטעריען, האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו געפינען אַן ענטפער אויף די עוויגע פראַגען פון גאָט, אונשטערבליכקייט, אונענדליכקייט א. ז. וו. און אַזוי ווי דער „פראַגמאַטיזם“ באַשעפטיגט זיך ניט מיט דיזע מאַטע־

ריען, און זוכט ניט צו געבען קיין ענטפער אויף דיזע ע ו ו י ג ע פראַגען, איז דער „פּראַגמאַטיזם" איבערהויפּט ניט קיין פּ י ל אָ ז אָ פ י ע.

דיזע ערקלערונג, וועלכע דריקט אויס די מיינונג פון אן אונגעהויער גרויסער צאָהל דענקענדע מענשען, ענטהאַלט צוויי הויפּט־געדאַנקען: ערשטענס, דאָס פילאָזאָפיע האָט אַ ספּעציעלען געגענשטאַנד, אָדער אַ ספּעציעלען מין פון געגענשטאַנדען, מיט וועלכע זי באַשעפטיגט זיך אויסשליסליך און מיט וועלכע די וויסענשאַפט האָט גאָרניט צו טהאָן; און, צווייטענס, דאָס דיזער געגענשטאַנד, אָדער דיזער מין פון געגענשטאַנדען, בלייבט אימער איין און דערזעלבער. דאָס הייסט, דאָס די פילאָזאָפיע האָט זיך „פון אייביג אָן" בעשעפטיגט מיט דיזען ספּעציעלען געגענשטאַנד, און וועט זיך מיט איהם בעשעפטיגען אזוי לאַנג, ווי זי וועט פערבלייבען פילאָזאָפיע. ביידע דיזע געדאַנקען זיינען אַבסאָלוט פאַלש. און א קורצער איבערבליק איבער דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע און א פערגלייך מיט דער געשיכטע פון וויסענשאַפט, וועט עס קלאָר בעווייזען.

מיר עפענען אויף א בוך איבער דער „געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע". די ערשטע „פילאָזאָפישע שולע" וועלכע מיר בעגעגענען איז די גריכישע שולע. זי איז בעקאַנט אלס די י א נ י ש ע שולע. די ערשטע „פילאָזאָפען", וועגען וועלכע די געשיכטע דערצעהלט אונז, זיינען יאָנישע פילאָזאָפען — טהאַלעס, אנאַקסימענעס, אַנאַקסימאַנדער. די צווייטע „פּילאָזאָפישע שולע" פון וועלכער די געשיכטע פון פילאָזאָפיע האָט אונז וואָס צו דערצעהלען, איז די פּיטהאַגאָרעאישע שולע, מיט איהר בעגרינדער, דעם גרויסען גריכישען פילאָזאָף פּיטהאַגאָראַס. מיר פערמאַכען דאָס בוך איבער דער „געשיכטע פון פילאָזאָפיע", און עפענען א בוך איבער דער „געשיכטע פון וויסענשאַפטען", און מיר לעזען אומגעפעהר פאָלגענדעס: „די ערשטע וויסענשאַפטס־מענער, די יעניגע וועלכע האָבען צום ערשטען זיך געשטעלט אויף אַ וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט און אויסגעאַרבייט וויסענשאַפטליכע בעגריפען, זיינען געוועזען די י אָ נ י ש ע פּ י ל אָ ז אָ פ ע ן מיט טהאַלעס אין דער שפּיצע". דאַן זיינען געקומען די „פּיטהאַגאָרעער" און ז. וו. א. ז. וו. דיזעלבע נ ע מ ע ן, דיזעלבע ג ע ג ע נ ש ט א נ ד ע ן און אפילו דער זעלבער געדאַנקען גאַנג און געדאַנקען־ענטוויקלונג ווי אין דער פילאָזאָפיע. און דאָס איז ניט אַ צופאַל, וואָס דיזעלבע דענקער וועלכע די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע דערמאַהנט אלס די בעגרינדער און ענטוויקלער פון דער פילאָזאָפיע, ווערען אין דער געשיכטע פון די וויסענשאַפטען דערמאַהנט אלס די בעגרינדער און ענטוויקלער פון די וויסענשאַפטען. די גרויסע דענקער וועלכע ווערען דערמאַהנט אין ביידע געשיכטען, זיינען ניט בלויז געוועזען אי פילאָזאָפען אי וויסענשאַפטס מענער, נור זייער פילאָזאָפיע און זייער וויסענשאַפט איז געוועזען איינס און דאָסזעלבע: ד י ז ע ל ב ע ג ע ד א נ ק ע ן איבער דיזעלבע געגענשטאַנדען, וועלכע פון'ם שטאַנדפּונקט פון דעם היסטאָריקער פון פילאָזאָפיע געהערען צו דער פילאָזאָפיע, געהערען פון'ם שטאַנדפּונקט פון'ם היסטאָריקער פון די וויסענשאַפטען צו דער וויסענשאַפט.

און דאָס איז ריכטיג ניט נור אין דער גריכישער פילאָזאָפיע. דיזעלבע איינהייט פון פערזאָנען און געגענשטאַנדען אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע און אין דער געשיכטע פון די וויסענשאַפטען געפינען מיר אויך אין דער מאָדערנער וועלט, ביי דער אויפלעבונג פון פילאָזאָפיע און פון וויסענשאַפט נאָך דער לאַנגער נאַכט פון דעם מיטעלאַלטער. ווער זיינען די גרויסע נעמען אין דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון די וויסענשאַפטען אין יענער עפּאָכע? קאָפּערניקוס, קעפּלער, גאַלילעאָ, בעקאָן, דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ א. ז. וו., און ווער זיינען די גרויסע נעמען אין דער פילאָזאָפיע פון יענער צייט? אויך דיזעלבע: קאָפּערניקוס, קעפּלער, גאַלילעאָ, בעקאָן, דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ... און אפילו די יעניגע, וועלכע זיינען הויפּטזעכליך בעקאַנט אלס פילאָזאָפען, ווי, צום ביישפּיעל, דעקאַרט און לייבניץ, זיינען אין דער אמת'ן געוועזען פּונקט אזוי פיעל וויסענשאַפטסלייט אלס פילאָזאָפען.

און דאָ מוזען מיר מאַכען דיזעלבע בעמערקונג, וואָס מיר האָבען געמאַכט אויבען, ווען מיר האָבען גערעדט פון די גריכישע פּילאָזאָפען און וויסענשאַפטס־מענער: דאָס, וואָס די פיהרערשאַפט אין פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט פאַלט צונויף אין איינע און דיזעלבע פערזאָנען, איז ניט געוועזען בלויז א „פּערסאָנאַל־יוניאָן", דאָס הייסט, דאָס צופעליגער ווייזע זיינען דיזעלבע פערזאָנען געוועזען א י פּילאָזאָפען, א י וויסענשאַפטס־מענער. ניין, דאָס איז געוועזען אן איינהייט פון די געגענשטאַנדען — דיזעלבע טהעטיגקייט פון גייסט וועלכע ערשיינט, פון איין זייט, אלס „פילאָזאָפירען", ערשיינט, פון דער אַנדער זייט, אלס וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונג. די טהעטיגקייט פון גייסט איז געוועזען איינע. בלויז מיר בעטראַכטען דיזע איינציגע טהעטיגקייט פון צוויי בעזונדערע שטאַנדפּונקטען.

מיר וועלען אונטערזוכען די צווייטע פראַגע, וועלכע מיר האָבען אויבען געשטעלט, נעמליך: צי דער געגענשטאַנד, מיט וועלכען די פילאָזאָפיע בעשעפטיגט זיך, בלייבט אימער דערזעלבער? דער אנטוואָרט מוז ווידער אמאָל זיין אן ענטשיידענער: „ניין!"

מיר עפענען ווידער אויף דעם בוך איבער דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, און מיר זעהען פאָלגענדעס:

די ערשטע פילאָזאָפישע שולען אין גריכענלאַנד, די פאָר־סאָקראַטישע פילאָזאָפיע, האָט זיך הויפטזעכליך בעשעפטיגט מיט נאַטור־ערקלערונג. איהר געגענשטאַנד איז געווען די נאַטור, און איהרע לעהרען זיינען בעשטאַנען אין עקלעהרונגען איבער דער נאַטור און איהרע ערשיינונגען. די גאַנצע פילאָזאָפיע פון יענער צייט איז געווען נאַטור־פילאָזאָפיע. די הויפט פראַגע, מיט וועלכע די יאָנישע פילאָזאָפען האָבען זיך בעשעפטיגט, איז געווען: פון וואָס, אייגענטליך, בעשטעהט אונזער וועלט? וועלכער נאַטור־עלעמענט איז דער גרונד־עלעמענט? און די פערשיעדענע פילאָזאָפען האָבען אויף דיזע פראַגען געגעבען פערשיעדענע אַנטוואָרטען, לויט ווי זיי האָבען אויפגעפאַסט די וויכטיגקייט פון דעם אָדער יענעם עלעמענט. טהאַלעס האָט געהאַלטען דאָס וואַסער פאַר'ן גרונד־עלעמענט, אַנאַקסימענעס — די לופט. א שפּעטערער פילאָזאָף, הערַאַקליט, האָט געהאַלטען דאָס פייער פאַר'ן גרונד־עלעמענט. און נאָך א שפּעטערער פילאָזאָף, עמפּעדאָקלעס, האָט ערקלעהרט, אז ס'איז ניטאָ קיין איין גרונד־עלעמענט אין דער נאַטור, און דאָס דער בנין־העולם איז אויפגעבויט פון פיער גרונד־עלעמענטען: ערד, וואַסער, לופט און פייער.

דיזע „פילאָזאָפישע“ ערקלערונגען זיינען ניט געווען דער רעזולטאַט פון גלאַט אַזוי־זיך „פילאָזאָפירען“, סתם אין דער וועלט אריין. נייז, דאָס האָבען די דאַמאָלסדיגע „פילאָזאָפען“, — ד. ה., די יעניגע, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען, געפּרובט געבען אַן ערקלערונג צו די נאַטור־ערשיינונגען, וועלכע האָבען זיך זיי געוואָרפען טעג־טעגליך אין די אויגען.

איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען אין דער נאַטור — איז די בעשטענדיגע פערוואַנדלונג פון איין מאַטעריע אין אַן אַנדערע, אַן ערשיינונג, וועלכע פיהרט, נאַטירליך, צום געדאַנקען, דאָס די פערשיעדענע מאַטעריעס, וועלכע מיר זעהען אין דער נאַטור, זיינען ניט מעהר ווי פערשיעדענע פערוואַנדלונגען פון איין און דערזעלבער גרונד־מאַטעריע, אָדער גרונד־עלעמענט. דאָס זוכען און פאָרשען, דיזען גרונד־עלעמענט אויסצוגעפינען, איז, אַלזאָ, געווען א העכסט וויכטיגע וויסענשאַפטליכע אַרבייט, און דער געדאַנק, אז עס איז פאַראַן אַזאַ גרונד־עלעמענט, איז געווען א העכסט וויכטיגער פילאָזאָפיש־וויסענשאַפטליכער געדאַנק, — א געדאַנק, וועלכער האָט אין זיך ענטהאַלטען דעם עצם פון דער לעהרע פון אונזער מאָדערנער נאַטור־וויסענשאַפט, אז מאַטעריע געהט ניט פערלאָרען, נור בייט איהר פאָרם.

און די פראַגע פון דער מאַטעריע, פון וועלכער די וועלט איז געבויט, איז ניט געווען די איינציגע, מיט וועלכער די דעמאָלסדיגע פילאָזאָפיע האָט זיך בעשעפטיגט. אַנדערע פילאָזאָפישע שולען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פראַגע פון די פאָרמען, לויט וועלכע די וועלט איז אויפגעבויט. ווידער אַנדערע פילאָזאָפען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פראַגע וועגען די קרעפטען, וועלכע הערשען אין דער וועלט, די קרעפטען, וועלכע טרייבען די וועלט־מאַשין, האַלטען צוזאַמען איהרע טיילען און דרעהען איהרע רעדער; די קרעפטען, וואָס האָבען אויפגעבויט פון די איינפאַכע ציעגעל—מאַטעריע—דעם מערקווירדיגען בנין — דעם פּאַלאַסט, אין וועלכען מיר לעבען.

אָבער די פילאָזאָפען האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט בלויז אויף דער נאַטור. פילאָזאָפיע איז ניט פערבליבען אויף אימער נאַטור־פילאָזאָפיע. די סאָקראַטיש־פּלאַטאָנישע פילאָזאָפיע, דאָס הייסט כמעט די גאַנצע שפּעטערע גריכישע פילאָזאָפיע, איז געווען הויפטזעכליך פּאָליטיש־עטישע פילאָזאָפיע. איהר הויפט געגענשטאַנד איז ניט די זאָגענאַנטע „טויטע“ נאַטור, נור דער לעבעדיגער מענש און זיינע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען: זיינע בעציהונגען צום שטאַאט (אַלגעמיינע שטאַאטס־לעהרע, אונטערזוכונגען איבער אידעאַלע שטאַאטס־פאָרמען א. ז. וו.) און זיינע בעציהונגען צו זיינע מיטמענשען אין'ם פּריוואַטען און עפענטליכען לעבען (מאָראַל־לעהרע א. ז. וו.).

אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע זעהען מיר דיזעלבע ערשיינונג: דער געגענשטאַנד פון דער פילאָזאָפיע בייט זיך פון עפּאָכע צו עפּאָכע. די מאָדערנע פילאָזאָפיע פאַנגט אָן, ווי די ערשטע גריכישע פילאָזאָפיע, מיט דער נאַטור. דאָס איז די צייט, ווען נאַטור־וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע איז כמעט איינס און דאָסזעלבע, די צייט פון קאָפּערניקוס, קעפּלער, גאַלילעא, ברונאָ, בעקאָן, דעקאַרט, ספּינאָזאַ, לייבניץ. מיט דער צייט ענדערט די פילאָזאָפיע איהר כאַראַקטער: די „טויטע“ נאַטור הערט אויף צו זיין דער הויפט־געגענשטאַנד פון דער פילאָזאָפיע, און דער מענש פערנעמט איהר פּלאַץ. אָבער ניט ווי ביי דער סאָקראַטיש־פּלאַטאָנישער שולע, דער מענש אין זיינע בעציהונגען צו זיינע מיטמענשען, נור הויפטזעכליך, דער מענש אין זיינע בעציהונגען צו דער נאַטור, אָדער, בעסער געזאָגט, די מענשליכע נאַטור. די ערשטע פראַגע, וועלכע בעשעפטיגט די פילאָזאָפען פון דיזער עפּאָכע, — הויפטזעכליך די ענגלישע פילאָזאָפען: לאָק, בערקליי און יום, — איז די פראַגע, פון וואַנען נעהמט זיך און אין וואָס בעשטעהט דאָס מענשליכע וויסען, פון וואַנען שעפּט דער מענש זיינע געדאַנקען און לויט

וועלכע געזעצע זיינע געדאנקען פערבינדען זיך און בילדען אורטיילע.

נאָך שפעטער, ווערט דער הויפט־געגענשטאנד פון דער פילאָזאָפיע, אָדער וועניגסטענס *איינער* פון די הויפט־געגענשטאנדען — די מענשליכע געזעלשאפט, די מענשליכע געזעלשאפט בכלל און איהר געשיכטליכע ענטוויקלונג בפרט. די *געשיכטע* איז ערשט גאָר ניט לאנג געוואָרען א געגענשטאנד פון דער פילאָזאָפיע. זי האָט בעקומען איהר בירגעררעכט אין דער פילאָזאָפיע ערשט זייט העגעל. און דאָך האָט זי שוין פערנומען א פלאץ אויבען אָן.

דיזער קורצער איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע בעווייזט, אָהן שום ספק, דאָס די פילאָזאָפיע האָט ניט קיין *שטענדיגען* געגענשטאנד, — דאָס דיזער געגענשטאנד ענדערט זיך פון עפּאָכע צו עפּאָכע און פון איין פילאָזאָפישער שולע צו דער אנדערער. אויבען האָט אונז שוין דער פערגלייך פון דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע מיט דער געשיכטע פון די וויסענשאפטען בעוויזען, דאָס די פילאָזאָפיע האָט ניט קיין אייגענעם, ספּעציעלען געגענשטאנד, צו וועלכען די וויסענשאפט זאָל קיין צוטריט ניט האָבען.

און איצט, ווען מיר האָבען אָבגעראמט די פאָראורטיילע, וועלכע זיינען אונז געשטאנען אין וועג, קענען מיר איבערגעהן צו דער אייגענטליכער טהעמא פון אונזער דיסקוסיאָן: *וואָס איז אזוינס פילאָזאָפיע?*

עטוואָס אויפקלערונג איבער דעם ענין קאָן אונז געבען די פילאָלאָגיע — די בעדייטונג פון די ווערטער „פילאָזאָפיע“ און „וויסענשאפט“. „פילאָזאָפיע“ קומט פון צוויי גריכישע ווערטער, פון וועלכע דאָס הויפט וואָרט „סאָפיע“ מיינט דאָסזעלבע, וואָס דאָס העברעאישע וואָרט „חכמה“. דאָס וואָרט „וויסענשאפט“ מיינט, נאטירליך, דאָס *וויסען* אָדער בעקאנט זיין מיט א געוויסען געגענשטאנד, דאָס וויסען פון אלעם, וואָס געהערט צו דיזען געגענשטאנד. מיט אנדערע ווערטער, וויסענשאפט מיינט די פשוט'ע בעקאנטשאפט מיט א געוויסען געגענשטאנד. חכמה איז אָבער מעהר פון בעקאנטשאפט. זי איז ניט בלויז וויסען. זי בעדייט, אז צו דעם וויסען ווערט נאָך צוגעגעבען אן אידעע. א „חכם“ איז איינער וואָס ווייס א סך, און ווייס ווי אזוי זיין וויסען צו געברויכען פאַר העכערע צוועקען.

וויסענשאפט האָט צו טהאָן מיט איינצעלנע פאקטען און מיט גרופּען פון פאקטען. די פילאָזאָפיע זוכט דעם „שכל“ פון די זאכען: זי ברייננגט די פאקטען אין א צוזאמענהאנג, אונטערזוכט זייערע בעציהונגען און ציהט אלגעמיינע שליסע. די פילאָזאָפיע זוכט אויסצוגעפינען די כללים און די געזעצע, וועלכע פערבינדען דעם גאנצען שכל פון מענשליכען וויסען אין איין גאנצעס. זי מאכט דעם סך הכל פון דער איינצעל ארבייט פון אלע איינצעל וויסענשאפטען.

די פילאָזאָפיע איז אויף אזא אופן ניט א בעזונדערע זאך פון דער וויסענשאפט, נור א טייל פון איהר, איהר אלגעמיינער טייל. די פילאָזאָפיע איז די *אלגעמיינע וויסענשאפט*, אָדער די וויסענשאפט פונ'ם אלגעמיינעם. זי ענטהאלט די הויפט־געדאנקען, די גרונד־אידעען — דאָס וויכטיגסטע און דאָס נויטיגסטע — פון אלע וויסענשאפטען.

אָבער דאָס „אלגעמיינע“ פון אלע וויסענשאפטען ענדערט זיך פון עפּאָכע צו עפּאָכע. און דאָס, וואָס ווערט אנערקענט אלס דאָס וויכטיגסטע און נויטיגסטע, הענגט ניט אזוי אָב פון די וויסענשאפטען, ווי פון די געזעלשאפטליכע צושטענדע; און אין איין און דערזעלבער עפּאָכע אנערקענען פערשיעדענע געזעלשאפטליכע גרופּען גאנץ פערשיעדענעס פאַר דאָס וויכטיגסטע און נויטיגסטע. דארום האלטען זיך אין איין ענדערן די פראגען, מיט וועלכע די פילאָזאָפיע פערנעהמט זיך; דער „געגענשטאנד“, מיט וועלכען די פילאָזאָפיע בעשעפטיגט זיך, ענדערט זיך פון עפּאָכע צו עפּאָכע, פון פילאָזאָפישער שולע צו פילאָזאָפישער שולע, ווי מיר האָבען שוין עס פריהער געזעהן אין אונזער איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע.

דאָס ערקלערט אויך, אגב אורחה, פון וואנען עס האָט זיך איבערהויפט גענומען דער גלויבען, אז די פילאָזאָפיע בעשעפטיגט זיך מיט א ספּעציעלען געגענשטאנד. ווען די וויסענשאפטען זיינען נאָך וועניג ענטוויקעלט, בעשעפטיגען זיך איינע און דיזעלבע פּערזאָנען סיי מיט דעם אונטערזוכען פון די פאקטען, און סיי מיט דער אויסארבייטונג פון די אלגעמיינע געדאנקען, וועלכע בעציהען זיך אויף דעם גאנצען סך הכל פון מענשליכען וויסען. די וויסענשאפט און די פילאָזאָפיע זיינען נאָך ניט אָבגעטיילט איינע פון דער אנדערער. שפּעטער אָבער, ווערט דער מאטעריאל צו גרויס, אום בעהערשט צו ווערען פון איין פּערזאָן, און פון דער אנדערער זייט, פאָדערט די „עקאָנאָמיע פון דער ארבייט“ דאָס יעדער פאָרשער אָדער דענקער זאָל זיך בעשרענקען אויף א געוויסען טייל פון דער ארבייט. עס קומט דארום פאָר א פערטיילונג פון דער ארבייט. די וויסענשאפט ווערט איינגעטיילט אין אבטיילונגען. דאָס אויסארבייטען פון די אלגעמיינסטע געדאנקען ווערט אָבגעזונדערט פון דער ארבייט פון אונטערזוכען די פאקטען. עס בילדעט זיך א ספּעציעלער סאָרט וויסענשאפטליכע ארבייט, וועלכע האנדעלט מיט אלגעמיינע געדאנקען און בעגריפע, און זי קריגט דעם נאָמען פילאָזאָפיע. דאָס איז ניט קיין בעזונדערער געגענשטאנד, נור א בע־

זונדערע אבטיילונג פון דער אלגעמיין־וויסענשאפטליכער ארבייט. דאָס וועט אונז באלד נאָך קלאָרער ווערען. יעדע וויסענשאפט האָט זיך איהר פילאָזאָפיע. לאָמיר נעהמען, אלס ביישפיעל, די „פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע". א בוך איבער דער „פילאָזאָפיע פון געשיכטע" איז, נאטירליך, ניט א בוך איבער א ספעציעלען געגענשטאנד, מיט וועלכען די געשיכטע, אלס וויסענשאפט, האָט גאָרנישט צו טהאָן, נור א ספעציעלע בעארבייטונג פון דעמזעלבען געגענשטאנד. דער געגענשטאנד פון ביידע איז די מענשליכע געשיכטע, אָבער די בעארבייטונג איז א פערשיעדענע: די געוועהנליכע געשיכטע (ד. ה. די „וויסענשאפט"־געשיכטע) אונטערזוכט די געשיכטליכע פאקטען. זי בעשרייבט די פּאָליטישע, סאָציאלע, עקאָנאָמישע, אָדער קולטורעלע צושטענדע פון א געוויסער עפּאָכע אין א געוויסען לאנד, אָדער פון אלע פערגאנגענע עפּאָכען אין אלע לענדער. די „פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע" נעהמט דיזע אלע פאקטען פ א ר ט י ג פון דער געשיכטע. און דאן, אויפ'ן סמך פון דיזע פאקטען, וועלכע זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרען פון דער געשיכטע, ע ר ק ל ע ר ט זי דעם גאנג פון דער געשיכטע, דאָס הייסט, דעם א י נ ע ר ל י כ ע ן צ ו ז א מ ע נ ה א נ ג פון פערשיעדענע געשיכטליכע פאקטען, ד י א ל ג ע מ י י נ ע ג ע ז ע צ ע, וועלכע בעהערשען דעם לויף פון די געשעהנישען. די געשיכטע גיט די געשעהניסען פון יעדער עפּאָכע בעזונדער, און די „פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע" ערקלעהרט ו ו א ר ו ם א ו ן ו ו י א ז ו י די געשעהניסען פון איין עפּאָכע האָבען זיך אומגעוואנדעלט אין די געשעהניסען פון אן אנדער עפּאָכע. די געשיכטע בעשרייבט די צושטענדע, וועלכע האָבען געהערשט אין א געוויסער עפּאָכע, אויף פערשיעדענע געביעטען פון מענשליכער טהעטיגקייט: פּאָליטישע, סאָציאלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע צושטענדע, און די „פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע" זוכט ארויסצוברענגען דעם צוזאמענהאנג צווישען דיזע פערשיעדענע געביעטען און צו ערקלערען ווארום געוויסע פּאָליטישע צושטענדע, צום ביישפיעל, געפינען זיך צייטליך צוזאמען מיט געוויסע סאָציאל־עקאָנאָמישע צושטענדע.

מיט דעם, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט, מיינען מיר ניט צו בעהויפטען, אז זייט דעם, ווי די פילאָזאָפיע האָט זיך אָבגעטיילט פון דער וויסענשאפט, איז דער גרענעץ צווישען זיי שטרענג אָבגעהיט געוואָרען. אינ'ם ווירקליכען לעבען איז דער צוזאמענהאנג צווישען „פרט" און „כלל", צווישען איינצעלנעם און אלגעמיינעם פיעל גרעסער ווי מען שטעלט זיך פאָר. די פילאָזאָפיע האָט זיך ניט איינמאָל אריינגעריסען אין דעם געביעט פון דער וויסענשאפט און פערקעהרט. און די גרעסטע וויסענשאפטס־מענער פון אונזער צייט, — זיינען אויך די גרעסטע „פילאָזאָפען" פון אונזער צייט, ווייל א ג ר ו י ס ע ר וויסענשאפטס־מאן איז אזעלכער, וואָס געפינט אויס און בעגריענדעט א ל ג ע מ י י נ ע וויסענשאפטליכע געזעצע, — זיי שרייבען דארום זעלטען ריין־„פילאָזאָפישע" ווערקע. זייערע „פילאָזאָפישע" געדאנקען זיינען א רעזולטאט פון זייער וויסענשאפטס־ארבייט. אלס ביישפיעלע קענען דיענען ד א ר ו ו י ן און מ א ר ק ס.

ל. גאָרעליק

ש נ ע ע

ווייסער פון פעדערלאך, פאלען די שנעעלאך,
שטיפעריש פליהען זיי, יאָגען זיך אום:
ס'דאכט זיך, עס שפרייט זיך, א ליילאך א ציכטיגער
און ער פערדעקט אלין ארום און ארום.

אומעטיג קוק איך אויף דער דעקאָראַציע,
פאלט ניט דער שנעע דען פאר אלעמען גלייך?
ס'שיקט אונז דער הימעל זיין אוצר פאר אלעמען,
מאכט ניט קיין אונטערשיעד — אָרים, צי רייך!

דאָך זעה איך קינדערלאך ווארעם געקליידעטע,
טאנצען און שליטלען זיך, ווערען ניט מיעד;
אנדערע שטעהען דאָ נאקעטע, בלייכינקע,
קאלט איז זיי, ס'טרייסעלט זיי יעטווידער גליעד.

אומעדיג קוק איך אויף דער דעקאָראַציע.
ס'נאָגט מיר אין הארצען דער צארט־ווייסער שנעע:
טויזענדער ליפען באזינגען איהם וואונדערליך,
טויזענדער אנדערע שילטען פאר וועה.

מ. ווינטשעווסקי

דער קאַמפּף ביי די קלאָוק מאַכער

דער איצטיגער טומעל אין די קלאָוק־מאַכער יוניאָנס מאַכט אַן אויספּיהרליכען און גרינדליכען אַרטיקעל איבער דער פראַגע פון איין זייט נויטווענדיג, פון דער אַנדערער זייט כמעט אונמעגליך.

נויטווענדיג איז אַזאַ אָבהאַנדלונג און טאַקע אין אַזאַ זשורנאַל ווי די „צוקונפט“, וואו מען קען אריינגעהן טיעפער אין דעם ענין און איהם בעטראַכטען אי אַלזייטיגער אי ניכטערער, מחמת די „מלחמה“, ווי זי איז אָנגעפיהרט און קאָמענטירט געוואָרען אין דער טעגליכער און וועכענטליכער פרעסע, האָט פיעל קלאָרהייט ניט געקענט אריינגעבען אין דעם סכסוך. עס בעט זיך דערפאַר א רוהיגע, ערנסטע און ניכטערע בעשפּרעכונג און דאָס קען נור געשעהן, ווי געזאָגט, אין „צוקונפט“.

פון דער אַנדערער זייט איז די מהומה נאָך ניט איינגעשטילט; דער סכסוך ווערט אימער קאָמפּליצירטער און ס'איז זעהר, זעהר שווער צו רעדען אויף אַזאַ'ן אופן, אז דעם צוהערער זאָל נאָכדעם מעגליך ווערען קלאָרער צו פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך. ספּעציעל איז דאָס שווער פאַר א מענשען ווי דער שרייבער, וואָס שטעהט זעהר נאָהענט צו אַלע בעטהייליגטע פון ביידע צדדים.

אויב איך פּרוב פאָרט, איז דאָס ניט ווייל איך האָף אויסצופיהרען א קונציגען אייערטאַנץ, וועלכער זאָל ארויסווייזען בריה'שקייט און דערביי גאַנץ געבליעבענע אייער, נור דערפאַר, ווייל עס איז דאָ גענוג צו רעדען וועגען דעם תוך, דעם אינערן אינהאַלט פון דער פראַגע, איידער מען קען צוקומען צו דער פראַגע גופא.

* * *

אונזערע לעזער דאַרף מען, פערשטעהט זיך, ניט דערצעהלען, אז דאָס איז ניט קיין הוילע פערזאָנען־פראַגע: כלומרשט א הורוויטש־לאָנדאָן־פראַגע און ווייטער גאָרנישט.

אונזער אידישע לעגענדע מכח דעם, אז צוליעב א האָהן מיט א הוהן איז חרוב געוואָרען ביתר, איז זיך אפשר זעהר א שעהנע, אָבער פאַר דעם צוועק פון אַן אונטערזוכונג, מיט מעהר אָדער וועניגער וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, האָבען אונזער האָהן מיט דער הוהן פון ביתר ניט מעהר ווערטה, ווי די בעריהמטע גענז, וואָס האָבען גערעטעוועט די שטאָדט רוים.

אז די פערזענליכע מעלות און חסרונות פון ביידע צדדים האָבען געהאַט עפּעס צו טהאָן מיט דער לאַגע אין דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן, איז זעלבסטפערשטענדליך. דאָס הייסט אָבער ניט, אז די אַקטיאָרען האָבען בעשאַפען די פּיעסע, און וועלכער זיי האָבען געשפּיעלט די הויפּט־ראָלען, אָנשטאַט, ווי דער אמת איז, וואָס די דראַמע איז געוועזן דער רעזולטאַט פון א קאָנפליקט, אין וועלכער די פערזאָנען אויף די ברעטער האָבען נור פערטראָטען געוויסע ריכטונגען, מיינונגען און — אפשר — ליידענשאַפטען, וועלכע די צייט און די פערהעלטניסע האָבען בעשאַפען.

איז אָבער דאָס קלאָר, דאַן איז נאַטירליך די פראַגע:

ווי אַזוי איז עס געקומען, אז א טומעל איז ארויסגעקומען אין דער ערסטער אמת־שטאַרקער אָרגאַניזאַציע פון אידישע און אַנדערע אַרבייטער אין דעם פרויענקליידער־פאַך נאָכדעם, ווי די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט זיך לפנים געפיהרט פערנינפטיג און האַרמאָניש גאַנצע דריטהאַלבען יאָהר און ערסט מיט דעם אריינטרעטען פון הורוויטש'ען אין דער יוניאָן האָט זיך אָנגעהויבען א מין בירגערקריעג?

איז דאָס הורוויטש'עס שולד? איז די פריהערדיגע האַרמאָניע אפשר טאַקע נור געוועזן „לפנים?“ איז די לאַגע געוואָרען אַן אַנדערע גראַד אַרום די צייט, ווען הורוויטש איז אָנגעשטעלט געוואָרען?

אז אין דעם איז ניט געוועזן, לכל הפחות אין גאַנצען, הורוויטש שולדיג, איז היינט פאַר אַלעמען קלאָר, זינט עס איז דורך „די הורוויטש־לאָנדאָן דעבאַטע“ בעקאַנט געוואָרען, אז „טראָבעל“ איז געוועזן כמעט מיט יעדען איינציגען פון הורוויטש'עס פאָרגענגער און ספּעציעל מיט ביזנאָ, וועמעס פּלאַץ ער האָט דירעקט פערנומען. מען ווייס איצט, אז דער רוהיגער, שטילער, כמעט ליידענשאַפטלאָזער ביזנאָ, א טיפּישער דענקענדער פּראָלעטאַריער, אַן אַמאָליגער פאַכמאַן מיט א גוטען קאָפּ, איז אוועקגעגאַנגען פון די קלאָוקמאַכער „דיסגאָסטעט“, אבל וחפוי ראש, און אויב א סקאַנדאַל איז פערמיעדען געוואָרען ביי זיין אַוועקגעהן איז דאָס נור גע־

ווען מחמת ער איז אַזוי גוט ווי אַנטלאָפען געוואָרען, ניט זאָגענדיג זייט געזונד און ניט קורסענדיג די מזוזה.

דאָס גופא בעווייזט שוין, אַז אַבסאָלוטע האַרמאָניע איז פריהער אויך ניט געווען און אַז די לאַגע האָט זיך ניט געדאַרפט האָבען שטאַרק געענדערט אין די לעצטע 9 חדשים.

טו וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

און קאָמיש איז דערביי, אַז אונזער אַלטער פריינד יצחק אייזיק איז ניט קיין סינדיקאַליסט, ניט קיין איי־דאָבליו־מאַן, אַ שטייגער ווי עטאָר, אָדער הייוואוד; אַז ער איז אַלעמאָל געווען גיכער אַ פשרה־מאַכער ווי אַ רעוואָלוציאָנער און, סיי נאָך זיין טעמפּעראַמענט נאָך, סיי לויט זיין וועלט־אַנשויאונג, אַ מענש, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען און האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין וואָס מען רופט אַ דעמאַגאָג, איינער, וואָס שפּיעלט פאַר די גאַלעריע און יאָגט זיך נאָך אַפּלאָדיסמענטען.

אָבער ער רעדט וועגען אַ „מאַשין“.

אפשר האָט זיך די דאָזיגע מאַשין, וועלכע האָט דאָך שוין געמוזט עקזיסטירען אין ביזנאָ'ס צייטען אויך, אַזוי פערשלעכטערט, אפשר איז זי אַזוי פערדאָרבען געוואָרען, אַז היינט איז שוין אונמעגליך פאַר וועמען עס איז מיט איהר צו אַרבייטען?

וועט אייך יעדער איינציגער, וואָס קען די מאַשין, די מענשען, וועלכע שטעלען צונויף די מאַשין, זאָגען, אַז דאָס איז ריינע איינבילדונג.

די „מאַשין“ האָט ניט קיין „פּאַטראָנײדזש“, האָט ניט קיין פעטע דזשאָבס צו פערטיילען; די מאַשין־מיטגליעדער קריגען ניט בעסער בעצאָהלט ווי דער דורכשניטליכער אָפּערייטאָר, וואָס האָט ספּעציעלע פעהיגקייטען, נעהמענדיג די „ביזי“ מיט די „סלעק“; די דאָזיגע מענשען שפּיעלען ניט קיין גרויסע ראָלע אין דער עפענטליכקייט; ביי פּאַראַדנע מיטינגען אין גרויסע זאַלען, וואו דער טשערמאַן שיט ליובגעזאַנגען און דער אָרקעסטער בעגלייט זיי, זעהען זיך דיזע מענשען ניט; ביי זייער דזשאָב, צי עס איז דאָ פיעל צו טהאָן, צי ווייניג, זיינען זיי כמעט טאָג און נאַכט, און זייער אַרבייט איז ניט אימער פריי פון געפאַהר — פון לעבענסגעפאַהר, ליעבע לעזער! — ווי איך קען זאָגען פון פערזענליכער בעאָבאַכטונג. אונזערע געגנער קעמפּפען ניט אימער מיט די זויבערסטע מיטלען... און אַזוי ווי ניט אַלע באָסעס זיינען אין די אַסאָסיאיישענס (די גרויסע און די קליינע) זיינען דערווייל סטרייקס נאָך מעשים־בכל־יום.

און דערביי איז דער דזשאָינט באָאַרד ניט קיין נושא פנים. פאַר דער מזרח־וואַנד האָט מען ניט קיין עקסטראַ גרויסען רעספּעקט און דער „מאַשין“־מענש קריגט זעהר אָפט צו הערען, אַז ער איז אַ „בעצאָהלטער“ בעאַמטער, מיט'ן אַקצענט אויף „בעצאָהלטער“ און מיט אַ האָרעלע גיפט אין דעם אַקצענט.

פעהלערן? איך בין דורכאויס ניט בלינד צו זייערע פעהלערן, ווי איך בין ניט בלינד צו מיינע אייגענע בתורת — „אויך אַ בעצאָהלטער בעאַמטער“. אָבער אַלעם אין אַלעם גענומען, ווייס איך, אַז וואָל־סטריט מיט אַלע איהרע מיליאָנען קען אַזעלכע מענשען ניט האָבען, ניט אַזעלכע טרייע, ערגעבענע מענשען, וואָס זיינען אין דער ביזנעס מיט'ן גוף און מיט דער נשמה, ניט האָבענדיג כמעט קיין אַנדער עקזיסטענץ.

אַלא וואָס דען? הורוויטש איז טאַקע ניט שולדיג, — פון מאיר לאָנדאָן איז אָבגערעדט — און די מאַשין איז אויך ניט אַ מין טשאַרלי מוירפי אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל רולען מיט אַן אייזערנער האַנד, פאַר כבוד אָדער געלד, אָדער עס זיינען דאָ אַנדערע פריעדענשטערער?

אָט האָט זיך עפּעס לאָקאַל 1, די אָפּערייטאָרס לאָקאַל פון די קלאָוק־מאַכערס—„פּאַנאַנדערגראַזאַושעט“.

אפשר קומט דער טראָבעל פון זיי? און אמת איז טאַקע, אַז ניט אין ביזנאָ'ס צייטען, ניט בעת דזשאָהן דייטש האָט געהאַט צו טהאָן מיט דער פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן, ניט ווען דער טשיעף קלערק איז געווען פּאָלאַקאָוו, האָט מען ניט געהערט פון לאָקאַל איינס אַלס „פּייטערס“ פאַר דעם אָדער יענעם.

אפשר זיינען זיי די שולדיגע?

די אָפּערייטאָרס זיינען מייסטענס די אינגערע מעמבערס פון דער יוניאָן. זיי זיינען אויך די טהעטיגסטע. פיעלע פון זיי זיינען אונפערהייראַטהעט. פון זיי קומען אין די מייסטע שעפּער די שאַפּ־טשערלייט (די שאַפּ־דעלעגאַטען), אויף וועלכע עס האַלטען זיך אַלע יוניאָנס אין דער נאָדעל־אינדוסטריע.

דער שאַפּ־טשערמאַן, אָדער — ווי דאָס איז אָפט דער פאַל ביי די ווייסט און דרעסמייקערס — די שאַפּ־טשערליידי, זיינען די זיילען פון דער יוניאָן. זיי צו בעשרייבען וועל איך זיך אַמאָל אפשר נעהמען אַ גאַנצען, בעזונדערען אַרטיקעל. דאָ וועל איך נור זאָגען, אַז זייערע אָפּפער מיט ענערגיע, צייט, געלד און דזשאָבס, בעווייזען, אַז אפילו דאָ אין דאָלאַרלאַנד איז נאָך ניט אויסגעשטאָרבען דער אַמאָליגער אידעאַליסט.

איז, ווי געזאָגט, דער גרעסטער טהייל פון דיעזע שאַפּ־טשערלייט רעקרוטירט פון די אָפּערייטאָרס אין לאָקאַל 1. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך דערפאַר, ווייל דער שניידער, וואָס נעהט מיט'ן נאָדעל לעבען איהם און בעלאַנגט צו לאָקאַל 9 איז געוועהנליך אַן עלטערער מענש, אַ פאַמיליענפאָטער, וואָס האָט „אַנדערע דאגות“ און זיין תפילה איז: גאָטוניו, ניט שרייב און ניט מעק, לאָז זיין ווי פאַר־אַ־יאָהרען איז געווען; בעת דער סקווירטמאַכער אין דעמזעלבען שאַפּ איז ענטוועדער אין דערזעלבער לאַגע,

אָדער דערצו נאָך א פרוי, אָדער א מיידעל און דער פרעסער (לאָקאַל 35) איז מייסטענס ניט אזוי אינטעליגענט ווי דער אָפּערייטאָר, ווייל א פרעסער קען יעדער ווערען, וואָס איז פיזיש פעהיג צו דער אַרבייט.

דער שאַפּ־טשערמאַן איז, הייסט עס געוועהנליך, — געווים זיינען דאָ אויסנאַהמען — א מיטגליעד פון לאָקאַל 1.

איצט דאַרף מען פערשטעהן, אז דער דאָזיגער שאַפּ־טשערמאַן האָט ניט בלויז צו אָפּפערן, ווי געזאָגט, צייט, ענערגיע, געלד און צייטענווייז זיין דזשאַב, נור ער האָט אויך אויף זיך קלאַגען מכל המינים וועגען אַלץ וואָס געהט פאָר אין שאַפּ.

אין די אַסאָסיאיישאָן־שעפּער ספּעציעל, וואו מען טאָר ניט, ווי אמאָל, אַוועקלעגען די אַרבייט גלייך ווי עס מאַכט זיך א „גריוועגס“, נור מען מוז צוערסט זעהן דורכקומען מיט׳ן באָס, זיינען אַזעלכע קלאַגען שטענדיג דאָ און צו וועמען געהט מען? צום שאַפּ־טשערמאַן.

פיהלט זיך אין דער יוניאָן, אז דער פּראָטאָקאָל אַרבייט ניט כדבעי, פיהלט דאָס מעהר און שמערצליכער פאַר אלעמען דער שאַפּ־טשערמאַן. מען „דערגעהט איהם פּשוט די יאָהרען“. ער פיהלט כסדר די פעראַנטוואָרטליכקייט פון זיין שטעלונג. ער איז אימער צווישען דעם אַרבייטער און דער יוניאָן־אַדמיניסטראַציע.

און דיעזער עלעמענט קומט דאָס פון לאָקאַל 1. עס איז דערפאַר נאַטירליך, אז לאָקאַל 1 זאָל זיין מעהר ווי אַלע פעראינטערעסירט אין דער פראַגע: ווי אַרבייט דער פּראָטאָקאָל? און דאַן אין דער אַנדער פראַגע: וואָס איז די בעסטע פאַליסי און ווער איז דער פאַסענדער מאַן?

פאַרוואָס איז אָבער לאָקאַל 1 כמעט סאָליד פאַר הורוויטש׳ען?

די פראַגע ווערט נאָך שטאַרקער, ווען מען בעקלערט אז, ווי די זאַכען האָבען זיך צוגעשפּיצט, איז „פאַר הורוויטש׳ען“ געוואָרען „געגען לאָנדאָנען“ און מאיר לאָנדאָן איז ערשט מיט א יאָהר צוריק געווען דער בעליעבטעסטער מענש ארום די קלאָוקמאַכערס יוניאָנס.

כדי צו ענטפערען אויף דיזע פראַגע איז נויטיג אריינצוגעהן פיעל טיעפער און ווייטער אין דעם ענין.

קלאָר איז, אַז לאָקאַל 1 איז מיט הורוויטשען; אַז דאָס איז דערפאַר ווייל הורוויטש איז פאַר א שטרענגע דורכפיהרונג פון דעם פּראָטאָקאָל, דאָס הייסט, פון די אַרבייטער׳ס רעכטע אונטער׳ן פּראָטאָקאָל לגבי די באָסעס; אַז הורוויטש דער קאָמפּראָמיסלער אין פּאָליטיק, וואָס האָט, זיך בלייבענדיג קאָנסעקווענט, שוין דערגרייכט די מדרגה פון פּיוזשען מיט די בולמוזערס — פון אַלע אַמעריקאַנישע, ביז אַהעריגע פּאָליטישע זייפענבלאָזען דער פּוסטעסטער און דער לעכערליכסטער — איז דער רעוואָלוציאָנער לגבי לאָנדאָנ׳ען, אין דעם פּרט פון אונזער פּראָטאָקאָל.

דאָס פערשטעהען איצט אַלע.

וואָס מען דאַרף ערקלערען איז פאָלגענדעס:

ערסטענס, וואָס איז אזוינס דער פּראָטאָקאָל איבערהויפּט?

צווייטענס, ווי קומט עס אז ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער נאָדעל־אינדוסטריע פריהער ווי צו אַנדערע אינדוסטריען?

דריטענס, מיט וואָס האָט זיך געענדערט די לאַגע זינט הורוויטש איז מיט דער יוניאָן?

פיערטענס, וואָס איז דער אמת בנוגע צו די צוויי פאָליסיעס?

איידער אָבער מען קען דערצו קומען, מוז מען זעהן זיך קלאָר צו מאַכען די שייכות פון אונז, אידען, צו דער דאָזיגער נאָדעל־אינדוסטריע. צו זעהן צו פערשטעהן די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען מיט איהר פערבונדען. דאָס וועט פערנעהמען מעהר פּלאַץ ווי פיעל די רעדאַקציע קען מיר געבען אין דיזען נומער.

* * *

אונטער געוועהנליכע אומשטענדען וואָלט איך זיך דאָ אָבגעשטעלט. אַלץ וואָס איך קען דאָ נאָך זאָגען וועט בעסער פערשטאַנען ווערען ווען די אויבענדערמאָהנטע פיער פונקטען וועלען בעשפּראָכען ווערען.

ליידער זיינען די אומשטענדען גאָר ניט קיין געוועהנליכע און איך קען ניט אָבלעגען אויף א חדש דאָס, וואָס איך וויל דאָ גלייך זאָגען.

דאָס איז א וואָרט וועגען דעם פערזענליכען עלעמענט אין דעם סכסוך און נאָך א וואָרט וועגען די צוקונפט פון די קלאָוק־מאַכערס יוניאָן.

אָבלעגען דיזעביידע זאַכען וואָלט אויסזעהן ווי מען וואָלט זיך וועלען ארויסמאַכען פון א שווערע לאַגע דורך דעם, וואָס מען קען אין דעם איצטיגען אויגענבליק ניט רעדען באריכות.

אַלזאָ, געהט עס:

צוערשט בנוגע צו דעם צווייטען פונקט, וועלכער איז דער וויכטיגסטער.

די קלאָוק־מאַכערס יוניאָן איז היינטיגען טאָג אזוי פעסט איינגעפונדעוועט, אז אַלע רעדעריי פון צוברעכען די אָרגאַניזאַציע איז קינדיש. צי מיט א פּראָטאָקאָל, צי אָהן א פּראָטאָקאָל — זי קען און וועט ווייטער עקזיסטירען ניט בלויז ווייל עס איז א יושר אז זי זאָל, נור אויך ווייל עס איז כמעט אונמעגליך, אז זי זאָל ניט עקזיסטירען.

די מעמבערס פון דער יוניאָן אין אַלע איהרע לאָקאַל־אָרגאַניזאַציעס זיינען היינט ניט מעהר בלויז דיוס־צאָהלער, נור טאַקע יוניאָן־לייט. זיי האָבען אין די לעצטע דריי יאָהר

געהאַט פיעל געלעגענהייטען אַליין צו פיהלען זייער מאַכט און איהר צו ווייזען פאַר דער וועלט. זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער יוניאָן פאַר דריי יאָהרען ווי רעקרוטען, אָפט אונווילליגע רעקרוטען, אָהן שום ליעבע אָדער ענטהוזיאַזם פאַר די אַרמעע, וועמעס יוניפאָרמס זיי האָבען אָנגעטהאָן, אָהן אמונה אין דעם גענעראַל־שטאַב און אָהן רעספּעקט פאַר די אַרמעע־דיסציפּלין. אַלעס וואָס זיי האָבען געוואוסט איז געווען, אַז עס קען זיין אַ מלחמה, אַז דער שונא קען זיי גיכער פערניכטען, ווען זיי בלייבען מחוץ למחנה און מיט אַ זיפץ דאָ, און מיט אַ קרים אין געזיכט דאָרטען, זיינען די מייסטע אַריין אין די לעגיאָנען, האָבען אָנגעטהאָן דעם ראַנגעץ אויפ'ן רוקען, און האָבען אָנגעהויבען זיך לערנען זיין קעמפּפער.

היינט זיינע זיי אַלע סאָלדאַטען; פּריוויליגע, אָבער גוטע, געלערנטע זעלנער, און די גלייכגילטיגסטע צווישען זיי, אפילו די וואָס מען קען ניט קריגען צום שטים־קאַסטען, ווען עס מאַכט זיך אַ וואַהל אָדער אַ רעפערענדום, וועלען זיך שטעלען ווי איין מאַן, ווען עס וועט זיך דערשמעקען אַ געפאַהר, ווען דער שונא וועט זיך בעווייזען אין טויער.

מענשען, וואָס האָבען אין אַ משך פון דריי יאָהר דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע פון אחדות צו העלפען זייערע ברידער אין אַנדערע שטעדט, אָדער אין אַנדערע טריידס אין זייער אייגענער שטאָדט, מיט אַ האַלבען מיליאָן אָדער זעקס הונדערט טויזענד דאָלאַר, וועלען אַרויסווייזען אחדות גענוג, ווען עס וועט נויטיג זיין צו העלפען זיך אַליין, וועלען ניט צופאַלען ווערען צוליעב אינערע מחלוקות, ווי ביטער דיעזע מחלוקות זאָלען ניט זיין.

און כדי ניט צו פערגעסען, לאָמיר דאָ גלייך זאָגען, אַז הגם דער סכסוך פון די לעצטע פּאָאר חדשים האָט אין אַ סך פּרטים זיכער ניט געטהאָן קיין גוטעס, האָט ער פון דעסטוועגען אין איין פּרט מעהר גענוצט ווי געשאַדט: ער האָט אויפגעוועקט און פאַנאַנדערגעטרייסעלט די אינדיפערענטע מעמבערס און האָט געהאָלפען דעם פּראָצעס, פון וועלכען איך האָב נור וואָס גערעדט — דעם פּראָצעס פון ווערען סאָלדאַטען פון רעקרוטען — אויף אַזאַ מערקווירדיגען אופן, וועלכען צעהן יאָהר שלום מיט „פּראָספּעריטי“ וואָלטען ניט געמאַכט מעגליך. דאָרטען וואו עס בורעט זיך איז סתם דאָ לעבען, אָבער דערפון רעד איך ניט.

אָבער ניט דאָס אַליין. עס איז מיין פעסטע איבערצייגונג און איך האָף עס צו בעווייזען אין מיין נעכסטען אַרטיקעל, אַז דער פּראָטאָקאָל וועט אויפגעהאַלטען ווערען פּשוט צוליעב דעם, וויל ער איז אַ נויטווענדיגקייט, סיי פאַר די אַרבייטער, סיי פאַר די מאַנופעקטשורערס. דער פּראָטאָקאָל איז ניט ערפונדען געוואָרען פון אימיצענס שאַרפען מח, ער איז ניט אויסגעטראַכט און אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין די נאָדעל־אינדוסטריע, נור ער איז דער רעזולטאַט פון די פּערהעלטניסע און איז אויסגעוואַקסען דורך אַ לאַנגע רייהע פון ערפאַהרונג אין אַ לאַנגע רייהע פון יאָהרען.

די באָסעס וועלען ניט ברעכען דעם פּראָטאָקאָל, וואָס פאַר סטראַשונקעס זיי זאָלען ניט מאַכען אויפ'ן פּאַפּיער אין קלוגע צושריפטען. וואָלט דער פּראָטאָקאָל פאַר זיי געווען אַן אַרויפגעצויגענע זאַך, וואָס זיי וואָלטען דערפון געוואָלט פּטור ווערען אַזוי גיך ווי עס מאַכט זיך אַ געלעגענהייט, וואָלטען זיי לאַנג שוין געפונען מעהר ווי איין געלעגענהייט אַזעלכע.

אָבער, ווי געזאָגט: פּראָטאָקאָל אָדער ניט פּראָטאָקאָל — די יוניאָן איז היינט צו שטאַרק, אַז אפילו אַ גרויסער שטורם זאָל זי קענען ברעכען.

און איצט נאָך אַ וואָרט בנוגע צו דעם פּערזענליכען עלעמענט אין דער פראַגע.

פון דעם, וואָס איז אַקאָרשט געזאָגט געוואָרען, דאַרף פאַר יעדען זיין לייכט צו פערשטעהן, אַז עס האָט גענקאָסט גענוג געזונד און אַלערליי אָפּפער ביז עס איז אויפגעבויט געוואָרען די היינטיגע יוניאָן און ביז זי איז געוואָרען די מאַכט, וואָס זי איז איצט.

די אַלטע און די עלטערע אין דער יוניאָן טהיילען זיך, גאַנץ נאַטירליך, פאַנאַנדער פון די אינגערע אָדער נייע־צוגעקומענע קרעפטע אויף דעם פאָלגענדען פּונקט:

יענע, די עלטערע, וואָס געדענקען די צרות פון אַמאָליגע צייטען; וואָס ווייסען ווי מען פלעגט כסדר בויען און קיינמאָל ניט אויפבויען אַ קלאָוק־מאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק; וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם אונפערגעסליכען קאַמפּף פאַר דריי יאָהרען, דערביי געדענקענדיג די אַרבייט פון די פריהערדיגע 20 יאָהר, די אומזיסטיגע אַרבייט, די „סיזיפוס־אַרבייט“ פון כסדר אַלע יאָהר אַרויפקייקלענדיג מיט אַלע קרעפטען דעם שטיין אויפ'ן באַרג, וועלכער פלעגט כסדר זיך גלייך ווידער אַראָבקייקלען—אָט די דאָזיגע עלטערע מענשען, זאָג איך, קוקען אויפ'ן פּראָטאָקאָל אַזוי:

ביז'ן פּראָטאָקאָל האָבען מיר קיין יוניאָן ניט געהאַט, איצט האָבען מיר. ביי יעדער פּראָטאָקאָל־פראַגע מוז פריהער פון אַלץ בעטראַכט ווערען ווי אַזוי וועט זיך די ענטשיידונג פון דער פראַגע אָפּרופען אויף די יוניאָן. גלייכער צו פערבויגען אַ האָרעלע דאָ אָן דאָרטען און ווייטער צו בויען די יוניאָן, איידער צו נעהמען אַ ריזיקאָ מיט איהר.

די אינגערע, די נייע־אַריינגעקומענע, פערשטעהען כמעט אַזאַ פּסיכאָלאָגיע ניט. זיי זאָגען: מיר זיינען אַ מאַכט, לאָמיר בעשטעהן אויף אונזערע רעכטע. גלייכער צו ריזיקירען מיט דער יוניאָן, מיט אַלעמען, איידער צו האָבען אַ יוניאָן וואָס וויל ניט, אָדער קען ניט

אויסנוצען איהר גאַנצע מאַכט פאַר די אר־בייטער.

דערמיט ערקלערט זיך די שטעלונג פון דר. הורוויטש אויף איין זייט און מאיר לאָנדאָן אויף דער אַנדערער זייט; פון די יונגע לייט אין לאָקאַל 1 אלס רעוואָלוציאָנערן און פון די בעלי־מלאכות, די עלטערע, אין לאָקאַל 9 גע־גען זיי; פון די אידעאַליסטישע, פריייווילליגע ארבייטער, אויף וועלכע מיר זיינען אַלע שטאָלץ, אויף הורוויטש'עס צד, און פון די „בע־צאָהלטע בעאַמטע" — זייער ריכטיגער נאָמען איז: אַלטע, ערפאַהרענע קעמפפער פאַר די ארבייטער פון יאָהרען און יאָהרען — וואָס האַלטען מיט מאיר לאָנדאָן.

ניט הורוויטש איז א מחבל און ניט לאָנ־דאָן איז א שוועכלינג און די יוניאָן איז זיי ביי־דען טייער. די נפקא־מינה איז נור, וואָס איין צד האָט אַזאַ פּסיכאָלאָגיע און דער אַנדערער אַן אַנדערע.

דער סכסוך איז דערפאַר ניט דער רעזול־טאַט פון א פערזענליכער גאוה, נור פון עהרליכע מיינונגס־פערשיעדענהייטען און מיט דער צייט וועט ווערען פאַר אַלעמען קלאָר, אז די קלאָוק־מאַכערס יוניאָן קען ניט דיר־נישט, מיר־נישט צובראָכען ווערען.

ווי זאָגט דער אַלטער קרילאָוו:

„נור די קינסטליכע בלומען האָבען מורא פאַר'ן רעגען".

מ. ל. האַלפּערן

האַלבע נאַכט

האַלבע נאַכט. און ווי אַ שאָטען
ווייזט זיך דוד, טיעף געבויגען,
אויף דעם כותל מערבי.
לאַנגזאַם שטעלט ער אָן די אויגען

אויף דער שטאָדט ירושלים,
און עס פאַלען זיינע טרערען
שטיל, ווי שטערען, אויף די שטיינער,
און פערשווינדען שטיל, ווי שטערן.

לאַנגזאַם ריהרט ער אָן אַ סטרונע
פון זיין האַרף, און, ווי געפאַנגען
פון אַן אייביג־טיעפער אונרוה,
טראָגען, קלאַגען זי די קלאַנגען.

דוד קלאַגט און פול מיט אימה
טראָגט זיך דורך דער נאַכט דער נגון.
„וועה מיר, וועה מיר." הערט מען קלאָגען:
„ווער וועט מיך אין רוה פערוויגען?

„ווער שעפּט אוים דעם ים דעם גרויסען?
„ווער קען לינדערען מיין טרויער?
„ווען וועט זיך די וויסטקייט אָפּטהון
„פון ירושלים'ס מויער?

„כ'האָב געהאַט אַ פאָלק מיין אייגענס,
„האָט מען עס צוזייט, צוטריבען.
„און דאָס פאָלק איז אויסגעשטאָרבען
„און אַליין בין איך געבליבען.

„כ'האָב געהאט אַ קעניגס־פּאַלאַץ
„הויזט אַצינד די פּוסטקייט דאָרטען.
„ווינד און פוקסען־יאָמער טראָגען
„זיך ביי נאַכט אַדורך מיין גאָרטען.

„מיינע שאָף און רינדער האָבען
„בייזע וועלף מיר אויפגעפרעסען.
„זאַמד־בערג וויסט שטעהען דאָרטען
„וואו דער פאַסטוך איז געזעסען." — — —

זאָגט אַזוי דער אַלטער קעניג.
דאַכט זיך, גאַנצע דורות־קלאָגען
טראָגט דער ווינד, און וויינט און ווייסט ניט
וואו אַהין ער זאָל זיי טראָגען.

דוד קלאָגט, און ווייט אין גלות
ערגעץ אין אַ קלויז בעהאַלטען
זיצט אַ זוהן פון פאָלק ישראל
ביי אַ ספר, ביי אַן אַלטען.

און ער טרוימט דאָרט פון זיין היימלאַנד,
און עס פאַלען זיינע טרערען
שטיל, ווי שטערען, אויפ'ן ספר,
און פערשווינדען שטיל, ווי שטערען.

ב. וואָלאַדעק

די נאַטור־וואונדער פון אַמעריקאַ

(קאַליפאָרניע)

Sweep! Sweep! Sweep!
O ye heaven-born and deep
In one dread unbroken chorus!
We may wonder or may weep—
We may wait on God before us;
We may shout or lift a hand,
We may low down and deplore us—
But may never understand...
—Yosemite, Joaquim Miller.

פאַר פיעלע צעהנדליגע טויזענדע יאָהרען איז דאָ געלעגען אַן אונגעהויער־ריעזיגער „גלעטשער“, אַ פּראָסטיגע אָבער לעבעדיגע מאַסע פון אייז. פון די הויכע שפּיצען פון די סיעררא נעוואדא („די שנעעאיגע בערג“) האָט זיך די אייזיגע מאַסע דאָ אריינגעגליטשט צווישען די מאַיעסטעטישע פעלזען און איז געבליעבען ליגען מיט איהר קאַלטען בלאַנקען רוקען אנטקעגען דער זונן און די בערגיגע שטורעמס.

אזוי פרעסענדיג אויף דער ברוסט פון דער ערד, האָט דער „גלעטשער“ געגראָבען און געשניצט, געריסען און געשאַפען, ביז אַ נייע געאָלאָגישע עפּאָכע האָט איהם צושמאָלצען און איבערגעלאָזען פון איהם זיין אונשטערבליכע ווערק — די טהאלען פון יאזעמיטע.

דעם מענשליכען קאָפּ איז שווער צו פאַרנעהמען ווי אַזוי ברעקעלאך שנעע, די אונבעדייטענדע בלימעלאך פון דעם ווינטער'ס שטורעמס — און אַ גלעטשער איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מאַסע שנעעלאך — ווי אַזוי אָט די לייכטפליגעלדיגע שנעען האָבען עס געקענט אויסבויען אָט די צויבער־טהאלען — די קרוין פון נאַטור'ס וואונדער!

דער הויפּט־טהאל פון יאזעמיטע איז אַ ריעזיגער טעמפּעל, כמעט אַ מייל טיעף, זיעבען מייל לאַנג און פון איין ביז צוויי מיילען ברייט.

דער גרונד פון דעם טעמפּעל איז אַ גרינער טהאל בעוואקסען מיט פּרעכטיגע באַרג־און זונן־בלומען און אויסגעזעצט מיט הויכע שלאַנקע קאַלאַנען־בוימער — סאסנעס און צעדערן. דורכ'ן מיטען פליסט דער טייך מערסעד, די וואסערן פון „רחמנות“ — דאָס בעוועגליכע קינד פון די בערג.

דער סופיט פון אָט דעם וואונדער־טעמפּעל איז דער הימעל, און זיינע ווענד. —

פון אַלע זייטען הויבען זיך די ריעזיגע פעלזען — בערג — די ווענד פון יאזעמיטע. פון דריי ביז פינף טויזענד פוס די הויך, דאָ גלייכע און שלאַנקע, ווי די בוימער וואָס וואַקסען זיי צו־פוסען, דאָ עטוואָס צוריק געבויגען אין אַ פּאָזע פון אייביגער רוהע; דאָ נאַקעטע און געלבליכע פון די סאמע פאַנטאַסטישע פאָרמען און דאָ בעפלעקטע מיט גרינע קוסטען און דונקעלע וועלדלאך.

ווי געטרייע וועכטער, וועמען גאָט אַליין האָט אָנפערטרויט די זיכערקייט פון זיין ליעבסטען קינד; ווי ריעזען־ריעזיגע קאַלאַנען פון גאָט'ס טעמפּעל, קוקען זיי אראָב אין דעם טהאל פון יאזעמיטע — אייביגע עדות פון נאַטור'ס פּראַכט.

„על קאַפּטעין“ און די „קאַטהעדראל־שפּיצען“, „דער וואכמאַן“ און די „דריי ברידער“, די „קעניגליכע ארקען“ און דער „האַלבער קופּאָל“, „וואַשינגטאָן'ס קאַלאַנע“ און דעם „אַדלער'ס־שפּיץ“ — וואָס פאַר אַ פערשיעדענע פאָרמען, וואָס פאַר אַן אייגענאַרטיגע געשטאַלטען, וואָס פאַר אַ ריעזיגע רעטענישען פון דער וועלט'ס שאַפען!

און פון זיי און איבער זיי טאַנצען און זינגען אראָב די פאַנטאַסטישע וואַסערפאַלען — דאָ שטורעמדיגע, דאָ זינגענדיגע, אָבער שטענדיג מעכטיגע, שטענדיג פּרעכטיגע וואַסערפאַלען פון דעם טהאל פון יאזעמיטע!

אָט איז דער וואסערפאלל פון יאזעמיטע — דער גרעסטער און קעניגליכסטער פון זיי אַלע. ער פאַלט פון ניין הונדערט פוס די הויך, ברייט, פול, און שטורעמדיג, און ס'דוכט זיך, אַז ער שטראָמט גלייך פונ'ם ריינעם הימעל אראָב.

דער גייסט פון בעוועגונג אויף דעם הינטערגרונד פון אונבעוועגליכקייט; דער אייבי־

די פּאַנאָראַמאַ פון

גער פּראטעסט פון שעהנהייט, וואָס איז איינ־געשלאָסען צווישען פעל־זען — דאָס איז דער וואסערפאל פון יאזעמיטע!

אָט איז „דהי ברײדעל וועיל“ — דער כלה־שלייער. פון באלד א האלבע מייל די הויך טאנצט ער אראָב טיעף אין טהאָל אריין, קושענדיג דיא נאקעטע בלאנ־קע פעלזען, פערוויקעלט אין זילבערנע

די דריי ברידער

Copyright, Detroit Pub. Co.

יאזאמיטע מהאָך

דער ברײדאל װעיל (דער כלה־שלײער)

שטויבען, בע־גלייט פון נאַ־טור׳ם זיסטער מוזיק.

און ווען די זון שטעלט זיך אַנטקעגען דעם „ברײדל וועיל“ און איהרע שטראַהלען; ברעכען זיך אי־בער מיט אַלע קאָלירען פון רע־גענבויגען, אויף דעם שווימענ־דען וואַסער, דוכט זיך, אז דאָס קושט דער שליח פון הי־מעל די פּראַכט פּונ׳ר שטערב־ליכער ערד.

אַזוי געהענדיג פון פעלז צו פעלז, פון וואַסערפאַל צו וואַסערפאַל, דורך די גרינע לאַנקעלאַך און איבער דעם וואַסער פון מערסעד ריווער, שטויסט איהר זיך פּלוצלונג אָן אויף „מיראָר־לייק", די שפּיגעל אָזערע. קושענדיג די פיס פון אַ ריעזיגען פעלז ליעגט עס רוהיג, קריסטאַל־ריין אין אַ זוים פון בלומען און ביימער, און איהר דערזעהט אַ צוויייענדיגע וואונדער — די גאַנצע פּאַנאָראַמע ארום אָבגעשפּיגעלט אין דעם קלאָרען וואַסער! אויב איהר זייט אויפגעשטאַנען פריה און נאָך דערכאַפּט אין דעם אָזערע די אויפגעהענדע זונן, האָט איהר דאָס גרעסטע גליק, וואָס אַ מענשליך אויג קען האָבען — אַ יום־טוב פון די שעהנסטע פאַרבען, אַ שטילע אָבער געטליכע פייערונג פון דעם טאָגס געבורט!

נאָך אַ שטורעם אין ווינטער פערשווינדען אַלע קאָלירען, און עס בלייבט נור איין קאָליר — ווייס. דער גאַנצער טהאָל זעהט דאַן אויס, ווי אויסגעהאַקט פון איין ריעזיגען שטיק זילבער. און די זונן ווען זי שפּאַצירט אַרוים איבער'ן טהאָל נאָך'ן שנעע־שטורעם צינדעט אָן די שנעעלאַך מיט גאָלד און אָפּאַל און אַלעס שיינט צוגעפּוצט און אָנגעגרייט פאַר אַ רייכען און פאַנטאַסטישען ווינטער־פעסט.

אַמאָל דערהערט זיך דאָ אַ שרעקליכער קלאַנג, אַזוי ווי די דונערן פון אַלע וועלטס שטורעם'ס וואָלטען זיך פעראייניגט אין איין מעכטיגען קלאַפּ. דער דונער טראָגט זיך פון קעניאָן צו קעניאָן, פון באַרג צו באַרג, אַריבער די גרויסע און קליינע טהאָלען און ווערט פערשוויגען מיט אַ קאָנוואולסיווען ציטער.

דאָס איז ניט קיין ערד־ציטערניש — דאָס איז נור אַ ריעזיגע אייז־ליכטעל, עטליכע פוס די לענג און אַ פוס די גרעב, וועלכע איז אַראָבגעפאַלען פון ערגעץ אַ באַרג־שפּיץ אין טיעפען תהום אַריין. און לאַנג נאָכדעם, ווי דער קלאַנג האָט פערשטומט אין דער לופטען, וויברירט ער נאָך לאַנג אין האַרצען, וועקענדיג שרעק און ציטער.

ב. די סיעררא נעוואַדאַ.

די טהאָלען פון יאזעמיטע זיינען אַ טייל פון אַ געבירג, וואָס ציהט זיך 500 מייל פון סאַוטה צו נאָרטה — די סיעררא נעוואַדאַ אָדער „שנעעאיגע בערג".

דזשאָהן מיוהר, דער בעוואוסטער נאַטור־פאָרשער פון קאַליפאָרניא, זאָגט, אַז ווען ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן די בערג פון דער וויטענס זיינען זיי געוועזן „אַזוי וואונדערליך געקאָלירט און בלאַנקענדיג, אַז זיי האָבען געשיינט צו זיין ניט אָנגעטהאָן אין ליכטיגקייט, נור אין גאַנצען צוזאַמענגעשטעלט פון ליכט ווי די ווענד פון עפּעס אַ פאַנטאַסטישער שטאָדט."

די סיעררא'ס אויך ווי די יאזעמיטע זיינען בעשאַפען געוואָרען דאַנק דער אַרבייט פון ריעזיגע גלעטשערס, וועלכע האָבען בעדעקט קאַליפאָרניא אין דער גלעטשער־עפּאָכע.

צוזאַמענגעשטעלט פון שטיין און גראַניט, טיטאַנען פון אָפּט 14 טויזענד פוס די הויך, שטענדיג בעדעקט מיט פּערל־ווייסען שנעע, איינגעפלאָכטען איינער אין דעם אַנדערן, הויבען זיי זיך אויף אין אַן אונענדליכער ליין פון דער וויסטעניש פון דער איסט — אַ פרייד פאַר דעם אויג. די בערג זיינען כמעט אַלע פון איין הויך און די גלייך־שלאַנקע בערג־שפּיצען שיינען ווי טרעפּ פאַר עפּעס אַ קעניגליכער מאַכט. נור פון ביידע זייטען און אין מיטען טיילען זיך אויס דריי ריעזיגע שפּיצען, אַלע איבער 14 טויזענד פוס די הויך — די נאָבעלע וועכטער פון די בערג. דאָס איז מאַונט וואהיטני — דער העכסטער באַרג אין אַמעריקא — אין דרום, מאַונט ריטער אין מיטען און דער מאַיעסטעטישער שאַסטאַ־באַרג אין צפון*).

און אין אָט דער פיינער בערגען־קייט איז יעדער טריט — אַ וואונדער, יעדער ווינקעל אַ מייסטערווערק!

שעהן איז די אָזערע טאהאָן, וואָס ליעגט טיעף אין די בערג, אַרומגערינגעלט פון שנעעאיגע שפּיצען און דאָך קיינמאָל פערפרוירען.

אונהיימליך אָבער פון ווילדער פּראַכט זיינען די שמאָלע שטעגעלאַך, וואָס דרעהען זיך צו די קעניגליכע שפּיצען דורך פעלז און וואַלד.

רייך אין קאָלירען און פאָרמען זיינען די פערשיעדענע זייטען פון דעם געבערג — אַ מאָנומענטאַלע אַרבייט פון אַן אייביגקייט.

אָבער פאַנטאַסטישער און וואונדערבאַרער פון אַלע זיינען די „שנעע־בענערס", די ווייסע פלעגס, וואָס פלאַטערן איבער דעם סיערא־ריעז אין דער צייט פון אַ שטורעם!

דער דינער פערפראָרענער שנעע־שטויב ליגט געוועהנליך רוהיג אויף די גלאַטע שפּיצען — אַ בלאַנקע ווייסע מאַסע. עס טרעפט אָבער אָפּט, אַז אַ גרויסער ווינד קומט צו פליהען צו די בערג, הויבט אָט די זילבערנע שטויב־מאַסע אויף אין דער לופט און יאָגט זי פ א ר אַ ה ו נ ד ע ר ט מ י י ל הויך איבער די בערג, הויך איבער דער ערד.

אַ ריעזיגע פאָהנע — הונדערט מייל די לענג און פיעלע הונדערטע פוס די ברייט, ווייס, פלאַטערענדיג און בעוועגליך — זעהט איהר פאַר די אויגען פּיעלייכט דעם אייגענאַרטיגסטען שפּיעל פון דער נאַטור, די סאַמע פאַנטאַסטישע שטיפעריי פון דער וועלטס סטיכיע!

אין די טיעפע טהאָלען און קעניאָנס

*) די פּאַנאָראַמאַ פון שאַסטאַ־באַרג אויף'ן פּאָדערבלאַט.

סעקוואיא (דער גרויסער בוים)

Copyright, Detroit Pub. Co.

(בערג שפּאַלטען) שפּיגלען זיך שטילע אזיערעס און אויף די בערג רוקענס שפּרייטען זיך די געדיכטעסטע, רייכסטע וועלדער, וואו עס וואקסט אויף די „סעקוואיא“, אָדער דער „גרויסער בוים“, — בוימער וואָס הויבען זיך אמאָל ביז 400 פוס די הויך און אויף וועלכע דזשאהן מיור זאָגט, אז זיי זיינען אַלט ניט וועניגער פון פ י נ ף ט ו י ז ע נ ד י אָ ה ר !

Copyright, Detroit Pub. Co.

דער גאָלדענער טויער (דער האפען פון סאַן־פראנציסקא)

קאַליפאָרניאַ

פון די שפיצען פון די סיערראס זעהט איהר צוויי שטיקער לאנד, וואָס איינע איז דער טויט און איינע דאָס לעבען, איינע די פערקערפערונג פון מרה־שחורה און האָפנונגס־לאָזיגקייט, די צווייטע — געלעכטער, יוגענד און גליק. אין קיין איין פלאץ פון דער וועלט האָט די נאַטור ניט צונויפגעבראכט אַזעלכע שארפע מאָדנע קאָנטראסטען, ווי דאָ אויף ביידע זייטען פון די בערג.

צו מזרח פון די בערג ליגט דער טויטער געלבליך־גראָהער מדבר — די וויסטעניש פון מאהאווע. אויף דעם טויטען פעלזיגען גרונד פון דער וויסטעניש וואקסט דער שטרענגער נידריגער „סיידזשבראש“, — דער טרויעריגער קוסט פון פרוכטלאָזיגקייט, — הויבט זיך צום הימעל אַ האַרטער, מאוס’ער קאקטוס־בוים אָדער די אָריגינעלע שטעכיגע „יוקקא“. קיין בלום אָדער בוים, קיין קאליר און בעוועגונג — טויט און מדבר.

אָבער צו מערב פון די בערג ליעגט דהי „סענטראל וואלעי“, דער צענטראלער טהאל, די ריעזיגע לאנקע, וואָס איז איינגעשלאָסען צווישען די סיערראס און די בערג פון דעם

דער טעמפעל־פעלז ביי סאַן־דיעגא.

אַן אָראַנזש־גאַרטען

Copyright, Detroit Pub. Co.

פּאַסיפישען ברעג — דער שטאָלץ, דאָס לעבען, דאָס רייכטום פון דעם גאָלדענעם סטייט.

דאָ איז אַלץ בליהונג, וואוקס און לעבען. דאָ הויבען זיך צום קלאַהרען הימעל די פּרעכטיגסטע ביימער און שעהנסטע בלומען־קוסטען. דא וואַקסט די מאַגנאָליע מיט איהרע ווייסע בלומען און דער פעפער־בוים מיט זיינע לאַנגע צעפּ; דאָ שמייכעלט פון אייביגער יוגענד די ריעזיגע אַקאַציע און עס שיסט צום הימעל די שלאַנקע הויכע סאָסנע. דאָ וויעגען זיך די בלעטער פון די פּאַלמען און עס שטאָלצירען די מאָדנע יוקאַליפּטעס, דאָ וואַקסען די וויינטרויבען און די פייגען, די עפּעל און די פלוימען, די אַפּעלסינען און ציטראָנען — דאָס גאַנצע פרוכט־רייכטום פון לאַנד.

דער אָראַנזש־קלייבער

עס זיינען דאָ פּלעצער אין די סיעררּאַס, וואָס איהר קענט שטעהן צווישען שנעע, שטורעם און פראָסט און קוקען אראָב אויף די טונקעל־גרינע אַראַנדזש־וועלדלאַך! אַרום אייך און איבער אייך די ווייסקייט און ווילדקייט פון דעם צפון און אונטען די פיעלפאַרביגע פּראַכט פון קאַליפאָרניער פלאַנץ־לעבען!

ווער עס האָט ניט געזעהן אַן אַפּעלסינען וועלדעל אין דער צייט, ווען דאָס פרוכט האַלט שוין ביי ווערען צייטיג! די קיילעכדיגע געלע אַפּעלסינען שיינען ווי טויזענדער קליינע

Copyright, Detroit Pub. Co. דער באַרג ווילסאָן און די שטאָדט צו פּוסענס

זונען אויף דעם גרונד פון פרישער גרינקייט. היינט די פערפיומען פון די אראנדזש־בליטהען! דער בייסענדער געדיכטער פער'שיכור'ענדער ריח פון די ראָזיגע בליהעכצען, די לופט, וואָס מאַכט אייך אזוי ווילד און אזוי גליקליך!

און צווישען וועלדעל און וועלדעל, פעלד און פעלד — קאַליפאָרניעס בלומען. זיי וואַקסען וואו נור זיי האָבען פלאַץ, ארום הייזער און בוימער, ביי די ראַנדען פון די וועגען, אויף די זייטען פון די בערגלאַך, ביי די ברעגען פון די שטראָמען, אויף די לאָנקעס און אין די גערטנער. וויפיעל פערשיעדענע ליליען, פיאַלעס, ווילדע ראָזען און „פאפים“, מארגעריטקעס און זון־בלומען!

די שטיינערנע „ליידי“ ביי סאַן־דיעגא

און די שעהנסטע פון זיי — די ראָזע — גרויס, הערליך מיט איהרע סאַמעטענע בלעטלאַך, א וואונדער פון קאָליע־ און פאָרמע, און די גאָלדענע קאַליפאָרניער „פאַפי“ — דאָס איינפאַך געל בלימעל, וואָס בעשיט קאַליפאָרניע מיט גאָלד — איהרע טאָלען און בערגלאַך, איהרע שטעדט און פאַרמען. א פאַלמע צווישען א ים פון „פאַפים“, איז די שעהנסטע פאָעמע פון פאַרבען, וואָס די נאַטור האָט ווען געזונגען.

און מען דאַרף האָבען אליין געשפאַצירט איבער דעם צענטראַלען טאָל'ס בלומען־וועג, מען דאַרף האָבען אליין געשמעקט די טויזענדער פערפיומען.. און אַליין געזעהן די טויזענדע קאָלירען, אום צו קענען די גאַנצע פראַכט פון דעם לאַנד צווישען באַרג און באַרג.

קאַליפאָרניא, דאָס איז א גן־עדן צווישען צוויי בערגען־קייטען, — די סיעררא נעוואַ־

דא אין מזרח און „דהי קאוסט רענדזש" אָדער די ברעג־געבירגע אין מערב. דער קאוסט רענדזש ציהט זיך, ווי די סיערא נעוואדא פון סאוטה צו נאָרטה — מיט די בלויע וואסערען פון דעם פּאסיפישען מעער. זיי זיינען ווייט ניט אַזוי הויך, ווי זייערע ברידער אין מזרח, פיעללייכט ניט אַזוי מאַיעסטעטיש, ניט אַזוי שטאַרק דערמאנענדיג אן בייזער גבורה, אָבער שעהן זיינען זיי — מיט זייערע פיעלע פארבען, רייצענדע טאלען, גרינע שאטענדיגע וועלדלאך און די אראנדזש־גראַוס, וואָס וואקסען זיי צו פוסען. אַמאָל רוקען זיי זיך צו האַרט צום וואַסער, ווי איבער דעם אויסגוס פון סאַן־פראַנציסקא און דאן בעשאפען זיי א זיסען טרוימערישען לאנדשאפט, וואָס מאַכט אייער האַרץ אַזוי מילד און וועהמיטליך, ווי די פיאלעטאווע טומאנען איבער זייערע טונקעלע שפּיצען. אַמאָל ווידער רוקען זיי זיך אָב אַ ביסעל פון די וואַסערן, ווי אַרום לאס־אנדזשעלעס, אזוי ווי זיי וואָלטען אייך וועלען געבען די געלעגענהייט צו זעהען פון דער ווייטען דעם וואונדערליכען זונען־אונטערגאנג אויף דעם פּאסיפיק.

און דער, וואָס איז אַמאָל געקראָכען איבער זייערע פערדרעהטע שמאלע שטעגעלאך, וואָס האָט געטרונקען וואסער פון די קיהלע שטראמען, וועלכע זינגען צווישען די פעלזען, און איז כאָטש איינמאָל געשטאַנען אויף דעם רעכטען שפּיץ פון זייערע בערג — דער איז שוין אויף אייביג בעצויבערט, פער׳כשופ׳ט אויף לעבען לאנג. וואָס פאר אַ גאָלדענע טרוימען!

איך דערמאן זיך אַ זונען־אויפגאנג אויף דעם בארג ווילסאָן, באלד 8 טויזענד פוס די הויך — דעם העכסטען באַרג אין דעם „קאוסט־רענדזש."

מיר האָבען דערגרייכט דעם שפּיץ נאָך אַ נאַכט קלעטערן ארויף — אַ לעגענדארישע נאַכט פון לבנה־ליכט, מורמלען פון וואסערן אין די טהאלען און פאנטאסטישע פּאנאראמען.

מיר האָבען דערזעהן אין מזרח, הינטער די בערג פון סאַן־בערנארדינא, אַ ריעזיגען פייער. ער האָט אַלע קאָלירען, דער פייער, און זיי זיינען אזוי פיעל, אז דו ווייסט ניט ווי זיי אָנצורופען.

און איבער׳ן הימעל איז פערשפּרייט אַ ריעזיגער פאכער פון וואָלקענס און יעדעס וואָלקענדעל האָט זיין בעזונדער פאַרב. אָבער עס בייטען זיך די פארבען מיט יעדער סעקונדע און אייך דוכט זיך, אַז פון דער טיעפעניש פון דער ערד הויבען זיך אונצעהליגע מחנות פון מלאכים מיט גרויסע גאָלדענע טרובעס אין די הענד, און זינגען שירה — איך הער, דוכט זיך, די שטילע און פייערליכע מוזיק. צווישען אונז און דער זונן איז אן אונענדליכקייט פון בערג און כאָטש זייערע ריעזיגע מאַסען זיינען נאָך איינגעהילט אין דורכזיכטיגע פיאלעטאווע טומאַנען, זיינען דאָך זייערע שפּיצען בעגילדעט מיט אַ גאָלדענעם זוים — דעם ערשטען קוש פון דער זונן!

און, עס פערדריסט דיר באלד, וואָס דו ביזט אין גאנצען ניט איין גרויס אויג מיט אַ שוואַרצאַפּעל גרויס ווי דיין האַרץ — מינוט נאָך מינוט ענטפּלעקט זיך די פאנאראמע אַרום: טיעף אונטען לאס־אנדזשעלעס מיט איהרע צווייבער־פאָרשטעדט אין א טהאל פון אפּעלסינען־וועלדער און בלומען, ווייט אין מערב — אַ בלאָהע לאַנגע סטענגע, די וואסערן פון ים, און אנטקעגען דיר אין זייער גאנצער פּראכט, די בערג פון סאן בערנארדינא!

דאָס איז די לאנד פון דעם „פּאסיפיק", די „גאָלדענע וועסט". דאָס לאנד פון אוואַנטיורען און גאָלד, נאַטור־פּראכט און ראָמאַנטיקס, ריעזיגע בערג און צאַרטע בלומען, ווייטע וואונדערליכע פּאנאראמען און טיעפע שרעקליכע איינזאמע קעניאנס.

דעם דיכטערס טרייסט.

איך ווייס, מיינע ליעדער וועט לעזען
אַ בחור א בלייכער פאַרנאַכט.
אַ מיידעל ביים זייט וועט איהם הערען
און ווערען אַ ביסעל פערטראכט.

אַ מיידעל ביים זייט וועט איהם זיצען
און טראַכטען ביי זיך שטילערהייט:
„א דיכטער, א דיכטער צו ליעבען, —
„צי דאַרף מען א גרעסערע פרייד?"

דער בחור דער בלייכער וועט לעזען,
און לעזען און בענקען וואוהין;
דאָס מיידעל וועט צערטלען זיין שטערן
און מיך וועט זי האָבען אין זין...

א צוזייטער טרוים.

אין טרוים ביזטו, קינד מיינס, געוועזן שוין בעוואוסט
נאָך איידער איך האָב דיך געקענט:
צוויי טונקעלע אויגען, וואָס שפּריצען מיט לוסט,
אַ קערפּער, וואָס ליידעט און ברענט.

און ס׳האָט אונז דער גורל צוזאַמענגעבראַכט —
מיין האַרץ איז פערלאָפען מיט שוים...
דו האָסט מיך גע׳שכור׳ט אַ טאָג מיט א נאַכט
און כ׳בענק איצט צוריק נאָך מיין טרוים...

ד. טשאַרני.

אסיפ דימאָוו

דער בריעפשרייבער

(דער זינגער פון זיין אייגען וועה)

קענט איהר איהם, דעם זינגער פון זיין ליעבע,
דעם זינגער פון זיין אייגען וועה?
א. פושקין.

מיין מאַמע איז געווען זעהר אַ שטרענגע, גדלות'דיגע דאַמע, — אן „אמת'ע ענגלענדערין"; פלעגט זי געהן אָנגעטהאָן אין שוואַרצען און מיר האָט זי פערוועהרט אָבצושטאַטען וויזיטען אין קיך. אין יענעם עלטער—מיר איז געגאַנגען דאָס עלפטע יאָהר — האָב איך ניט געצייגט קיין שום דעמאָקראַטישע נייגונגען; נור אַ כלל האָב איך געהאַט: איינמאָל איז עטוואָס פערוועהרט, איז א סמן, אַז טהאָן מוז מען דוקא פערקעהרט. דעריבער איז נאָך'ן בוידעם די קיך געוואָרען דער פלאַץ, וואו איך פלעג צום ליעבסטען פערברייגגען.

די קיך איז געווען אַ בעזונדערע וועלט פאַר זיך און אַלץ, וואָס דאָרט פלעגט פאָרקומען, איז געווען אינטערעסאַנט. אין זאַל, פערקעהרט, איז גאָרנישט געווען אינטערעסאַנט; דאָרט פלעגען זיך צונויפקומען לאַנגוויילינע העררען און דאַמען, אַלע אָנגעטהאָן כמעט אין איינס און דאָסזעלבע און ריידען פלעגען זיי אויך איינס און דאָסזעלבע. איך פלעג זיך נור וואונדערן, ווי אַזוי די מאַמע קען דאָס אַלץ אויסהערען און פערטראָגען — אויסהערען איין גאָט ווייס צום וויפיעלטען מאָל — איינע און דיזעלבע ווערטער און ענטפערן זיי דערויף איינע און דיזעלבע ווערטער. ווייטער האָב איך זיך געטראַכט, אַז ווען דיזע אַלע מענשען, וואָס קומען צו אונז צו גאַסט, וועלען זיך אַמאָל צונויפקומען און וועלען זיך פונאַנדערריידען וועגען דעם, וואָס די מאַמע רעדט צו זיי, און זיי וועלען אויסגעפינען, אַז זי זאָגט זיי אַלעמען איינס און דאָסזעלבע, וועלען זיי לאַכען אין די הויפענס. איך האָב זיך געשעהמט און מיר האָט פערדראָסען אויף דער מאַמען, און איך האָב די געסט ניט ליעב געהאַט און געוויכט פון זיי. און די געסט, אויף צו־להכעיס, פלעגען מיר גלעטען איבער'ן קעפעל און ווי עס וואָלט פריהער ביי זיי געווען אָבגעמאַכט, פלעגען זיי ריידען צו מיר איינס און דאָסזעלבע: „ווי אַלט ביסטו? — „דו לערן נור גוט, בחור'ל!" — „זיי ניט קיין שטיפער!" מיר פלעגט פלאַמען דער פנים און איך פלעג טראַכטען ביי זיך, אַז זיי ווייסען, נאַטירליך, אויסגעצייכענט, וואָס איך פיהל צו זיי, נור זיי פערשטעלען זיך פאַר פריינדליך און גוט אויס מורא פאַר מיין גדלות'דיגער מאַמען.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען אין קיך. די מענשען, וואָס פלעגען אַריינקומען אהין, זיינען געווען אָנגעטהאָן פערשיעדען און גערעדט האָבען זיי אויך גאָר פערשיעדענעס. נעהמען מיר אַ שטייגער דעם וואַסער פיהרער! דאַמאָלס איז ביי אונז אין שטאָדט נאָך קיין וואַסערלייטונג ניט געווען און מענשען אַזעלכע פלעגען פונאַנדערפיהרען וואַסער אין די הייזער. אין די קיכען זיינען געשטאַנען גרויסע, שווערע טונען און די וואַסערפיהרער פלעגען זיי אָנפילען מיט עמער ביז די ברעגען. וואו זיי פלעגען בעקומען דאָס קלאַרע, דורכזיכטיגע, כמעט ווייכע וואַסער, פון אמת'ן גן־עדן־טעם— איז געווען אַ סוד. דאָס וואַסער פלעגט קלעקען אויף אַ גאַנצע וואָך, און אַלע דאָנערשטאַג פלעגט זיך ווייזען דער וואַסערפיהרער אין קיך. דעם אבשיי, וואָס איך פלעג פיהלען צו דעם מענשען, איז גאָר ניט אויסצודריקען מיט ווערטער. אַחוץ איהם זיינען אין שטאָדט געווען נאָך צוויי וואַסערפיהרער, און אפשר נאָך מעהר! איך פלעג זיי אַמאָל בעגעגענען אויף דער גאַס. איך האָב אין זיי געזעהן די קליגסטע מענשען און די גרעסטע גבורים, וועלכע וואָלטען אפילו יא געוואָלט זיין בייז און שלעכט, קענען זיי אָבער ניט — דאָס קלאַרע, דורכזיכטיגע וואַסער האָט זיי איינמאָל פאַר אַלע מאָל געמאַכט פאַר גוט . . .

שוין פון מיטוואָך אבענד פלעג איך זיך אָבהיטען פון טרינקען און זיך פלאָגען מיט'ן

דאַרשט ביז דאָנערשטאָג, ווען, טראַמפּלענדיג מיט זיינע פּודאווע שטיפעל, פּלעגט זיך בעווייזען אין קיך דער וואסערפיהרער, טראַגענדיג צוויי פולע ביז אויג עמערס מיט דעם וואונדערליכען פרישען קאלטען וואסער; איך פלעג תמיד אויסקוקען דער ערשטער אנצושעפען פון טון און עס פלעגט מיר פערדריסען ביז'ן ביין, ווען עמיצער האָט ביי מיר אויסגעכאפּט דעם ערשטען „שעפּ". ווינטער פלעגט דער וואסערפיהרער שטייגען אין מיין מיינונג: זיינע הילצערנע געלע עמערס זיינען געווען בעדעקט מיט א קאָרע פון אייז און פון זיין באָרד און וואָנצעס זיינען אראָבגעהאנגען דורכזיכטיגע אייז ליכטלאך, פונקט אזעלכע, ווי פון זיין טון. דאָס היטעל האָט ער קיינמאָל ניט אויסגעטהאָן און די אויגען האָט ער געהאלטען אראָבגעלאָזען און נאָך מיין מיינונג איז ער געווען צופיעל עניו פאר א מענשען פון זיין בעשעפטיגונג. וואָס פאר א מעשים וואָלט איך דאָס אָבגעטהאָן, ווען איך בין וואסערפיהרער!

ווען ער פלעגט פארטיג ווערן מיט דער טון, וואָס האָט פערנומען א בכבוד'ען פלאץ אין ווינקעל, פלעגט ער ארויסשלעפּען א שטיק קרייד פון דער גרויסער קעשענע פון זיין שווערען פעלצעל (דאָס פעלצעל האָט געהאט פאר מיר זיעבען חנ'ען — עס האָט געשמעקט גאָר א מחיה!) און פלעגט צוגעהן צו דער טהיר, זיך אנידערשטעלען פאר'ן אוסאק און אויסדרעהען עפּעס א מין שרייבען — קאטשערעס און פּאמעלעס אונטער א שורה פון קאטשערעס און פּאמעלעס, וואָס זיינען שוין געשטאנען פון פריהער. קיינער אין הויז האָט, דאכט זיך, ניט געוואוסט זייער בעדייטונג. פערשטעהט זיך, דאָס האָט ער געפיהרט דעם חשבון פון די עמערס וואסער. אָבער איך בין דאמאלס געווען זיכער, אז די וואסערפיהרער האָבען אן אייגענע שפּראך, כאָטש עס איז מיר אפילו געווען א גרויסער וואונדער, צו וואָס האָט מען געדארפט אויסקלערען א בעזונדערע שפּראך פאר גאנצע דריי מענשען? . . .

אחוץ דעם וואסערפיהרער, האָט די קיך געהאט נאָך אַנדערע, ניט ווייניגער אינטערעסאנטע בעזוכער. אָפטער פון אַלעמען פלעגט אריינקומען די אַלטע האָדיש מיט די היהנער. און ווידער איז געווען אונפערשטענדליך, וואו נעהמט זי אזוי פיעל היהנער? די עופות זיינען ביי איהר געווען מאָדנע פּאלגעדיגע — זיי זיינען געזעסען אין די קערב אויסערגעוועהנליך רוהיג, ניט געקוואָקטשעט, טעמפּ געבלינצעלט מיט די אויגלאך און געוואונקען מיט די מאטע ברעמען. די אלטע מיט די קערב, אנגעפּאקט מיט היהנער, ווי מיט אוגערקעס, זיינען געווען ווי איין גאנצעס. די אלטע האדיש איז שוין אוודאי לאנג טויט, אָבער נאָך איצט שטעלט זי זיך מיר פאָר, ווי זי ליעגט אין קבר מיט די קערב, מיט די היהנער, ביי די זייטען.

ווען ניט ווען פלעגט אויך קומען דער קוימענקעהרער הערש, א ביטערער יונג, א פייפער. ער פלעגט קנייפּען אונזער דיענסט־מיידעל, און איהם פלעגט ניט אויסמאכען, וואָס יעדעס מאָל פלעגט זיין אן אנדערע . . .

און זומער פלעגען אויך אריינקומען אין קיך די האָלצזעגער און האָלצהעקער, פון וועלכע עס האָט געטראָגען דער פרישער ריח פון ערשט־צוזעגטען האָלץ. דער ריח איז געווען מערקווירדיג, און איך פלעג פערגעסען אן דעם וואסערפיהרער און טראכטען ביי זיך, אז די בעסטע בעשעפטיגונג איז אייגענטליך האָלצזעגעריי . . . און פון צייט צו צייט פלעגט די קיך בעעהרען מיט זיין בעזוך דער גלעזער — א הויכער, שווייגעדיגער איד, מיט א גרויסער שעהנער באָרד. דער מאן האָט געהאט זיין אייגענטום אן אינטערעסאנטע זאך — א דימענט, מיט וועלכען ער פלעגט אויסשניידען פיערעקיגע שטיקער גרינליכען גלאָז.

איך וועל ניט לייקענען, איך האָב דאַמאלס געהאט אן איבערטריעבענע פארשטעלונג וועגען דימענטען, און איך האָב געגלויבט מיט אן אמת, אז דער גלעזער מוז זיין אן עושר, און דאָס וואָס ער געהט פון הויז צו הויז און שטעלט אריין שויבען, מאכט ער זיך גלאט נאריש . . .

די קיך־טהיר איז געווען געפארבט אין א משונה־רויטען קאָליר. זי האָט געפיהרט אויף א גרויסען, מיט גראָז בעוואקסענעם הויף. דורך איהר פלעגען, ווי איהר זעהט, אריינקומען פערשיעדענע מענשען, אָפּט גאנץ מערקווירדיגע מענשען, וועלכע פלעגען זיין רעטענישען פאר מיר, און צוזאמען מיט די מענשען, זיינען אויך געקומען נייע געדאנקען און נייע געפיהלען . . . איך האָב ליעב געקראָגען די טהיר און איך דערמאהן איהר מיט דאנקבארקייט ביז'ן היינטיגען טאָג. דורך די קיך האָב איך זיך אויך בעקענט צום ערשטען מאָל מיט דעם וואונדערבארען געפיהל, וועלכען איך האָב דאמאלס ניט פאָלשטענדיג בעגריפען — איך האָב ערפאהרען, אז עס איז דאָ ליעבע אויף דער וועלט, און מיין אקארשט ערוואכטע נשמה האָט זשעדנע איינגעזויגען דעם גרויזאמען, בייזען אמת וועגען אָט דעם געפיהל.

.2

צו אונז איז אָנגעקומען א נייע דיענסט־מיידעל שיינע. דאָס איז געווען א הויכע, שלאנקע און זעהר געזונדע מיידעל. די ארבייט פלעגט ברענען אונטער איהרע הענד. געגאנגען איז זי מיט פעסטע, זיכערע טריט. און איהר האָט קיין מאָל ניט אויסגעפעהלט קיין לשון אָבצוענטפערן. אין קיך איז זי געווען די בעל־הבית'טע און אלע, וואָס פלעגען אריינקומען

דורך די קיך־טהיר, פלעגען איהר גאנץ פיין בעגריסען.

איינמאל, אין א קאלטען הערבסט אבענד, ניט אין זיין געוועהנליכע צייט, איז אריינגעקומען דער וואסערפיהרער. איך האב זיך זעהר פערוואונדערט אויף זיין קומען — נאך מעהר דערפאר, וואס אנגעטהאן איז ער אויך ניט געווען ווי געוועהנליך. ער האט געטראגען א שווארצע היטעל און אנשטאט דאס פעלצעל א ווארימען פאלטא. עס איז גאר ניט געווען צו דערקענען אויף איהם, אז א גאנצען טאג האט ער וואסער געפיהרט. ער האט אפילו ניט א קוק געטהאן אויף די קאטשערעס און פאמעלעס, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפ'ן אוסאק, אקוראט ווי ניט זיין האנד האט זיי געמאכט און ניט ער האט זיי צונויפגע'חשבונ'ט. איך בין געבליבען שטעהן אין קיך, אין א ווינקעל לעבען דער פליטע, דארט וואו אבענדצייט איז געווען אזוי מחיה'דיג ווארם, און געהארכט.

— גוט'נאבענד, שיינע! — האט דער וואסערפיהרער א זאג געטהאן.

— גוט יאהר! — האט די מיידעל אבגעענטפערט בייזליך, ווי מיר האט זיך אויסגעוויזען, אזוי ווי זי וואלט ברוגז געווען אויפ'ן וואסערפיהרער. יענער האט ווידער אנגעהויבען:

— דרויסען איז קאלט. עס קלייבט זיך אויף ווינטער.

— ניט איך האב די קעלט געמאכט — האט שיינע אבגעענטפערט.

דער וואסערפיהרער האט געווארט א ווילע, און זיך צוגעזעצט ניט געבעטענערהייד.

— ער לאזט דיר זאגען, אז ער וועט דיך נעהמען ווי דו שטעהסט און געהסט. ער דארף ניט דיין געלד.

שיינע האט א קוועטש געטהאן מיט די פליצעס און גענומען מיט ליארם איבערשטעלען א קופערנע פאן.

— ער זאגט — האט דער וואסערפיהרער ווייטער גערעדט, אזוי ווי דער ליארם וואלט איהם צוגעגעבען מוט — זאלען דיינע 300 רובל בלייבען ביי דיר, זיי וועלען די צוניץ קומען. און חתונה כאטש די נייע וואך. מיר איז דאך אלץ איינס, נור ווי דער ברודער האט געהייסען איבערגעבען, אזוי גיב איך איבער.

שיינע האט אפילו ניט א קוק געטהאן אויפ'ן גאסט און געענטפערט, ווי זי וואלט זיך ווענדען צו די וואנד:

— זאג דיין ברודער, אז איך בין איהם מוחל דעם כבוד און זאל ער מיך לאזען צורוה. שוין דאס זעקסטע מאל זאג איך איהם.

— יא — האט דער וואסערפיהרער צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ —ריכטיג, דאס זעקסטע מאל. —

אבער אין א מינוט ארום האט ער ווידער אנגעהויבען:

— מיר איז דאך אלץ איינס, נור עס איז א רחמנות אויפ'ן ברודער, דו געפעלסט איהם דוקא. נו, וואס זאל מען טהאן?

שיינע האט א מורמעל געטהאן אונגעפעהר: „שוטה“, נור דער וואסערפיהרער האט געפונען פאר נעטהיג צו מאכען זיך ניט הערענדיג.

— אפשר קלייבסטו זיך גאר ניט חתונה האבען? — האט ער מיט שפאט גערעדט — עס געפעלט דיר מסתמא צו בלייבען אן אלטע מויד?

— צי איך קלייב זיך, צי ניט, ניט אייער עסק — האט שיינע אפגעענטפערט — אין מעהר ריידען מיט־אייך וועל איך ניט.

זי האט געמאכט א מינע ווי קיין וואסערפיהרער וואלט אויף דער וועלט ניט געווען, האט פערקאשערט די ארבעל און מיט אימפעט און מיט ליארם גענומען רוקען און איבערשטעלען די כלים.

— עס איז מיר א שאד דער ברודער — האט דער וואסערפיהרער ארויסגערעדט און זיך אויפגעהויבען — דאס אלץ. איך זאג צו איהם: האסטו חתונה מיט שיינען, גיב איך דיר פופציג קערבלעך, — ווארום ד.ה. שיינע, געפעלסט מיר אויך. 60 וועל איך דיר געבען — האט ער א זאג געטהאן און א מאך געטהאן מיט דער האנד: — משטיינס געזאגט, וואס דארף איך, אן אלטער מאן, געלד? אט דו, וועסט האבען דיינע 360 רובעל, קענסט אייך אויך א קראם עפענען . . . .

קלאפענדיג און קלינגענדיג מיט די כלים, האט זי אבגעענטפערט:

— איך דארף נישט קיין געלד.

— דא—ארפסט ניט? — האט דער וואסערפיהרער א שמייכעל געטהאן אונטער די וואנצעס — כא־כא־כא! איך האב א יאהר געארבייט שווער און ביטער, ביז איך האב קוים מיט צרות וואסערע 60 רובל אנגעקליבען, און זי דא—ארף ניט . . . האסטו געהערט. . .

ער האט זיך אבגעשטעלט און געווארט, זי זאל וואס ענטפערן. אבער זי האט געשוויגען.

— נו, איך געה — האט ער טרויעריג א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ — מעהר וועלען מיר אייך ניט בעאונרוהיגען, האט קיין פאראיבעל ניט.

ער האט געשטעלט א פאר טריט און איז שטעהן געבליבען ביי דער טהיר.

— ווען איהר עפענט א קראם, זייט איהר אין א וואסערע 5 יאהר נגידים... מיין ברודער קאן האלטען א פעדער אין האנד. קיינער אין דער גאנצער שטאדט וועט דאך ניט אנשרייבען אזוי ווי ער. וועט ער איינפיהרען ביכער, פאפירען אזעלכע, קיין איינציגער גראשען וועט ניט פערפאלען געהן. ווייסטו, אז מען צאהלט

איהם גוטע געלד פאר אָנשרייבען אַ בריעוועלע, אַ „פּראשעניע“ אָדער ווייס איך וואָס. אָט האָט ער פאָריגען חודש אָנגעשריעבען אַ „פּראשעניע“ פאר די גאלדבלאטס, — די סוחרים — אזש אין פעטערבורג, אין אַקציז. — מיינסטו איז אין צוויי וואָכען ארום ניט אָנגעקומען אן ענטפער ? און אלץ ווי מען בעדארף. געגעבען די ערלויבנים — אלץ וואָס די גאלדבלאטס האָבען געבעטען. אָט דאָס הייסט אַ שרייבער ! ווען מען וואָלט איהם קינדווייז אוועקגעגעבען אין די אקאדאמיעס, וואָלט ער שוין איצט געהאלטען עט ווייט . . . זיין הארץ פיהלט גאָר אנדערש . . . פערשטעהסטו מיך . . .

דערויף האָט זי ניט געענטפערט קיין וואָרט, און דער וואסערפיהרער איז אוועק.

איך האָב גענומען קוקען אויף שיינען גאָר מיט אַנדערע אויגען. מיר האָט זיך גענומען אויסווייזען, אז זי פערשטעלט זיך די גאנצע צייט. אין איהר זיצט אַ מאָדנע, בעהאַלטענע קראפט ; זי איז אַ שלעכטע, אַ פערביסענע, עקעלט זיך פון אלעמען . . . אייגענטליך, וואָס דיענט זי איבערהויפט ביי אונז, צו וואָס קלייבט זי צו די שטוב, וואָס וואשט זי די געפעס . . . עס איז מיר איינגעפאלען, אז אפשר איז זי גאָר קיין אידישע אויך ניט — נור א טאָכטער פון א זעהר וויכטיגען מענשען — אַ קריסט . . .

איך האָב געפּרובט טרעפען : וועמעס טאָכטער קען זי זיין ? אפשר דעם סודיא׳ס ? אָדער דעם פּאָליצמייסטערס ? און אפשר גאָר דעם גענעראל סולערזשיצקים ? גענעראל סולערזשיצקי האָט מיר געשיינט צו זיין די פּאַסענדסטע פּערזאָן פאר איהר טאַטען ; און מיר האָט זיך גענומען אויסווייזען, אז זי איז טאַקע עהנליך צו איהם אויך. היינט וואָס זשע צווינגט איהר צו בעהאַלטען זיך, צו טראָגען פּשוט׳ע קליידער און צו נעכטיגען ביי אונז, און ניט ביי איהר טאַטען דעם גענעראל ?

ווי די זאך זאָל ניט זיין, קיין פּראָסטע מיידעל קאָן זי בשום אופן ניט זיין. ווארים אז יא, וואָלט זי זיך דען אָבגעזאָגט פון אזא גליק — התונה צו האָבען מיט דעם וואסערפיהרערס ברודער, מיט דעם שרייבער, וועלכער שרייבט אַזעלכע מערקווירדיגע פּראשעניעס און וואָלט ער געפּענט אַ קראָם, וואָלט אפילו קיין איינציגער גראָשען ניט פערלאָרען געגאנגען ? אייגענע האָט זי 300 רובעל, זאָגט זי זיך אָב פון 60 רובעל ! . . . בערעכענט נור : 60 רובעל !

איך האָב גענומען אויפמערקזאַם איהר נאָכשפּירען. מעגליך, אַז ביי דער נאַכט, ווען קיינער זעהט ניט, ווען אלע אין הויז שלאָפען, טהוט זי זיך איבער אין אנדערע, ווייסע קליידער און געהט צו איהר טאַטען. און דאָרט ביים ווינקעל־גאס ווארט אויף איהר דער אדיוטאַנט וויררכאַוו, — אָט דערזעלביגער, וועלכער האָט פאָריגעס יאָהר אויסגעלונקען זיך אַ פּוס אויף׳ן גליטש ?

איינמאָל אין אן אבענד האָב איך לאַנג ניט געקענט איינשלאָפען. מיך האָבען אלץ געמאַטערט יענע הארבע פראגען. אין הויז איז געווען שטיל, הינטער׳ן פענסטער איז געשטאַנען אַ קאלטע נאַכט, מיט שנעען, מיט אונפערשטענדליכע גערוישען, מיט די הויכע, דארע, איצט גאָר שרעקליכע, בוימער. איך האָב מורא געהאַט פאר דער פינסטערניס, און געוואָלט ניט טראכטען וועגען דעם. איך האָב זיך צוגעהאָרכט ; פּלוצלונג האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז אין קיך קומט עפּעס פּאָר. אַ פערשטיקטער אבקלאנג פון שיינעס קול האָט דערגרייכט מיינע אויערן, פּונקט ווי שיינע וואָלט זיך מיט עמיצען גע׳עצה׳ט. „א, געוויס וועגען דעם, אין וואָס פאר אַ קלייד זאָל זי זיך איצט אויספּוצען פאר איהר נאכטיגען שפּאַציער“. — האָב איך תיכף בעשלאָסען.

— אָט באַלד וועל איך אלץ דערגעהן, — איז מיר דורכגעפלויגען אַ געדאנק און איך בין אַראָבגעשפּרונגען פון בעט. עס איז מיר געוואָרען נאָך אימה׳דיגער ; עס איז געווען א גרויל צו קוקען אן א זייט ; עס האָט געלויערט אויף מיר די פינסטערע נאַכט, און הינטער איהר איז געווען בעהאַלטען גאָט.

— וואָס האָב איך איהם דען אזוינס געטהאָן ? דאכט זיך קיינמאָל גאָרנישט ! — האָב איך זיך מיט עמיצען געדונגען און געוואָלט איהם קונציג איבעררייד ען אויף מיין זייט און געמאַכט אַ פרומען פּנים׳על פון אן אַרטיגען אינגעלע, וואָס ווייס נעבאך פון קיין זאך ניט — און דערווייַלע האָב איך זיך גערוקט און גערוקט אלץ ווייטער איבער׳ן קאָרידאָר.

די קיך־טהיר איז געווען האַלב־אָפען ; א געלער פּאַס שיין האָט זיך אַריינגעריסען אין קאָרידאָר, און מיר האָט זיך געדוכט, אז פון איהם שלאָגט מיט ווארימקייט. איך האָב זיך פּערשטעקט הינטער דער טהיר און גענומען האָרכען.

מיין וואונדער איז געווען גרויס — וואָס איך האָב געזעהן און וואָס איך האָב געהערט האָט ניט אָנגעהייבען צו זיין אינטערעסאנט. שיינע האָט זיך ניט איבערגעטהאָן, נור זי איז רוהיג געזעסען אויף אַ בענקעל לעבען טיש און געפיהרט אַ שמועס מיט דער אַלטער האַדיש. ביידע האָבען געטרונקען טהע פון גלעזער, אָהן טעסלאך, און געבראַמסקעט מיט׳ן צוקער, און עס האָט זיך ניט אָנגעזעהן, אַז שיינע זאָל איצט טראַכטען וועגען דעם אדיוטאַנט וויררכאָוו, וועלכער ווארט אויף׳ן ווינקעלגאַס.

— אָט, ליעבינקע — האָט גערעדט די אַלטע — זאָל ער קומען אויף פּסח.

— איך ווייס ניט — האָט צומישט געענטפערט שיינע. איהר פּנים האָט געברענט און איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט.

— גאָט וועט געבען, צו פּסח וועט זיך אַלץ איינאָרדנען.

— אך — האָט זיך שיינע אָבגערופען מיט אַ זיפץ.

— געלד האָט ער טאַקע ניט, אָבער אַרבייט וועט ער אַלעמאָל געפינען. אָט, רעדט מען, געהט מען לעגען אַ שאסעע אויף דער אַכצענטער וויארסט.

— אַ שאסעע? — האָט שיינע פערטראַכט איבערגעפרעגט.

— דו האָסט איהם געזעהן אין הערבסט; דאַמאַלסט איז ער נאָך געוועזן אַ פּראָסטער אַרבייטער — אַ ברוקירער. היינט איז ער שוין — ווי רופט מען דאָס — נו, אַן אויפזעהער — אַ „סטארשער“ . . . און ער בעקומט שוין צוויי מאָל אַזוי פיעל . . .

— מען דארף איהם בעשטימט שרייבען, ער זאָל קומען — האָט זיך ביי שיינען אַרויסגעריסען. אַ פרייד האָט זיך געהערט אין איהר קול און זי האָט פערשטעלט מיט די הענד דעם ראָזיגען, צורויטעלטען פּנים.

די אַלטע האָט מוטערליך אַ פיהר געטהאָן מיט׳ן האַנד איבער איהרע האָר.

— נו, נו, עס מאַכט ניט . . . אַ בעשערטע זאך — האָט די האדיש געמורמעלט און האָט צוגעטראָגען אַ ברעג פון איהר ברודיגען פאַרטוך צו די אויגען און אָבגעווישט אַ טרעהר — לאָז דעם שרייבער אָנשרייבען אַ בריוועל, ער וועט שוין גוט אָנשרייבען.

שיינע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אַ וואָלקענדעל איז דורכגעלאָפען איבער איהר געזיכט. קענטיג, עס האָט זיך איהר ניט געוואָלט, אַז דער שרייבער, דעם וואסערפיהרערס ברודער, זאָל זיך דערוויסען פון איהר געהיימנים. אָבער באַלד האָט זיך אַ שמייכעל בעוויזען אויף איהר פּנים און זי האָט אַ טרייסעל געטהאָן מיט איהר שוואַרצען קאָפּ האָר.

— אָט ווען עס קען פערדריסען, וואָס מען קען ניט שרייבען! — האָט זי אַ זאָג געטהאָן. זי האָט צוגעדריקט איהרע שטאַרקע הענד צו איהר ברוסט — איך וואָלט שוין אַזא בריוועלע אָנגעשריעבען, אַז ניט פאָהרען זאָל ער, נור פליהען! . . .

— נישקשה, ער וועט שוין פליהען אַזוי אויך — האָט די אַלטע גוטהערציג געשמייכעלט, און אויפהויבענדיג איהר פאַרטוך האָט זי אַריינגעשטעקט אַן אָבגעריזעטע שטיקעל צוקער אין דער טיעפער קעשענע פון איהר ברודיגער קליידעל.

3.

אַזוי אַרום האָב איך זיך דערוואוסט פון שיינע׳ס געהיימנים. די גאַנצע געשיכטע האָט זיך געלאָזט זעהר איינפאך ערקלערען: שיינע וויל חתונה האָבען מיט עפּעס אַן אַרבייטער פון אַנאַנדער שטאָדט, וועלכער דארף קומען אַהער צו פּסח־צו אַרבייטען ביים שאסעע. איהר געפעלט דער אַרבייטער, און דעם וואסערפיהרערס ברודער, וועלכער שרייבט אַזעלכע אויסגעצייכענטע פּראשעניעס אין אַקציז, געפעלט איהר ניט. דער גענעראל סולערזשיצקי ווידער מיט זיין אַדיוטאַנט קעהרען זיך אַהער גאָר ניט אָן.

שיינע האָט מיך כמעט אין גאַנצען אויפגעהערט צו אינטערעסירען. איצט האָב איך זיך געגריבעלט שוין איבער אַן אַנדער זאַך: וועט מען מיך און דער מאַמען רופען צו דער חתונה צי ניט? און אויך דעם וואסערפיהרערס ברודער איז מיר ניט אַרויס פון זינען: ווי זעהט ער אויס, דיעזער מערקווירדיגער מענש?

און אין עטליכע טעג אַרום, אין אַ קאַלטען פריהמאָרגען, ווען אין דער פּליטע איז נאָך קיין פייער ניט געווען און אין קיך איז געווען אונהיימליך און חשכ׳דיג האָב איך איהם בעגעגענט פּנים אל פּנים.

דאָס איז געווען אַ קליינינקער, שטילינקער מענשעלע, אָנגעטהאָן אין אַ לאַנגען, ברוינעם זומער־מאַנטעל. די באָרד האָט ביי איהם געשפּראָצט דאָ און דאָרט אין קליינע בינטעלאַך, און צווישען די באַקען און דער מאָרדע איז גאָר געווען נאַקעט. איך האָב תיכף אַ טראַכט געטהאָן, אַז דער מענשעלע האָט זיך אוודאי צוגעקלעפּט אַ בערדעל, אום אויסצוזעהן עלטער און ווייל אַ שרייבער מוז דאָך האָבען אַ באָרד. זיינע קליינע אויגעלאַך האָבען געקוקט אַביסעל קאָסע, האָבען אָפּט געבלינצעלט און די אונטערשטע ברעמען זיינען געווען רויטליך.

ער איז געשטאַנען ביים טיש און האָט געהאַלטען פאַר זיך אַ פלעשעלע מיט טינט און אַ הענדטעל, אַרומגעקלעפּט מיט לילע פּאַפּיער. שיינע איז געזעסען אויף אַ בענקעל, די שטאַרקע ראָזיגע אָרעמס צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט. די אַלטע האדיש האָט זיך איינגענורעט אין אַ ווינקעל. אַלע ווײַלע האָט זי אַ זיפץ געטהאָן. די צוויי קערב מיט די נאַרישע היהנער, וועלכע האָבען טעמפּ געוואונקען מיט די מאַטע הייטלאַך, זיינען געשטאַנען איהר צופוסען.

— אָט — האָט די אַלטע האדיש זיך געווענדעט צו שיינען — ער וועט דיר שוין אָנשרייבען אַ בריעף ווי מען בעדאַרף.

דער שרייבער האָט אויפגעהויבען דאָס לילע הענדטעל מיט׳ן פּען צום שיין, עס אויפמערקזאַם בעקוקט מיט די קאָסאָקע אויגעלאַך און אַ זאָג געטהאָן:

— איך קען אָנשרייבען פאַר צעהן קאָפּיקעס און פאַר 15 קאָפּיקעס און פאַר 25 קאָפּיקעס. פּאַפּיער דיינע.

די אַלטע האָט אַ זיפֿץ געטהאָן אויפ'ן קול. שיינע האָט אַוועקגעלייגט פאַר איהם אַ בויגעלע פּאָסטפּאַפּיער. פֿון רעכטען מיטען האָט ארויסגעקוקט אַ גרויסער פּעטער פלעק.

— וואָס איז די נפקא מנה ? — האָט שיינע געפרעגט געשעפֿטסמעסיג.

דער וואַסערפיהרערס ברודער האָט אָנגעשטעלט דעם שפּיץ פעדער אין נאָגעל פון גראָבען פינגער.

— די נפקא מנה איז אָט וואָס — האָט ער געענטפערט : — פאַר צעהן קאָפּיקעס שרייב איך נור וואָס מען בעדאַרף און אַ גערוס. מעהר ווי אַ זייטעל שרייב איך ניט פאַר צעהן קאָפּיקעס. און אויב פאַר 15 קאָפּיקעס — צווייטע קלאַסע — לייג איך שוין צו אַביסעלע פּאָעזיע אויך.

— וואָס זשע איז דאָס ? — האָט שיינע זיך פערוואונדערט.

— פּאָעזיע — האָט דער שרייבער אָבגעגעבען אַן ערקלערונג — דאָס איז וואָס אין האַרצען . . . גייסט.

— קיינמאָל נישט געהערט — האָט די אַלטע זיך אָבגערופען און הויך אַ זיפֿץ געטהאָן, ווי זי וואָלט געהערט זעהר ניט קיין גוטע זאַך. איינע פון די היהנער האָט נאַריש אַ קוואָקטשע געטהאָן.

— פּאָעזיע ? — האָט שיינע איבערגעפרעגט. די ערקלערונג האָט זי ניט פערשטאַנען, נור געענטפערט האָט זי ברוגז'ליך : —

— ניין, דאָס איז איבריג.

— ווי דו ווילסט — האָט דעם וואַסערפיהרערס ברודער נאָכגעגעבען און ער האָט זיך שוין מכין געווען צו שרייבען : — מיר איז אַלץ איינס. אָבער מיט פּאָעזיע איז פיעל בעסער : די נשמה, פערשטעהסטו . . . מען קען אויך וועגען בלימעלאַך, וועגען פויגעלאַך . . . פאַר 25 קאָפּיקעס, אז מען שרייבט, איז שוין אַלע פיער זייטלאַך, אַלץ וואָס די האַרץ פיהלט... פאַר 25 קאָפּיקעס — דאָס איז שוין אַזאַ בריעף, ווי דו וואָלסט מיט איהם אליין גערעדט, נישט מעהר וואָס ער שלאָגט דיך נישט איבער... מיך קימערט עס נישט, ווי דו ווילסט...

אַלע האָבען אַ ווייַלע געשוויגען. שיינע איז אָבער געבליבען שטייף ביי זיך און אָבקעהרענדיג דעם פנים, האָט זי אַ זאָג געטהאָן :

— פאַר צעהן.

— פאַר צעהן — האָט דער שרייבער מיט אַ דומפּיגען טאָן איהר נאָכגעזאָגט און איינגעצענדיג די פען, האָט ער איהר אַראָבגעלאָזען אין טינטער — נו, זאָג, וואָס שרייבען ?

שיינע'ן האָט זיך געשטעלט די פאַרב אין פנים. זי האָט שווער גענומען אטעמען און איהר פולע ברוסט האָט זיך געהויבען ארויף און אראָב.

— שרייב — און זי האָט אַ הוסט געטהאָן, ווי אין האַלז וואָלט איהר פלוצלונג טרוקען געוואָרען — שרייב : מיין טהייערער וועלוועל . . .

— ווער ? — האָט דער שרייבער איבערגעפרעגט ניט דערהערענדיג.

— מיין טייערער וועלוועל — האָט שיינע איבערגע'חזר'ט און זי איז ווידער רויט געוואָרען. זי האָט געוואָרפען אויף איהם אַ צוטראָגעגעם בליק.

— אהאַ ! — האָט דעם וואַסער־פיהרערס ברודער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ער האָט פערשריעבען — נו, און ווייטער ?

— ווייטער ? — האָט שיינע געשטאַמעלט — איך בעט איהם ער זאָל מיר ענטפערן אויף אַלץ וואָס איך האָב איהם אָנגעפרעגט אין פאָריגען בריעף. און צו פסח זאָל ער קומען, מען געהט לייגען אַ שאַסעע פון אונזער שטאָדט...

דער שרייבער איז געווען זעהר קורצזיכטיג און ער האָט ביים שרייבען געהאַלטען דעם קאָפּ איינגעבויגען אויף אַזאַ אופן, דאָס עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט שפּיעלען אויף אַ פיעדעלע. שיינע האָט דיקטירט און ער האָט געשריעבען שנעל, שנעל, מיט אַ זיכערער, געוועהנטער האַנד.

— און נאָך : וועגען די געלד, וואָס איך האָב איהם געשריעבען, האָט דער טאַטע צוגעזאָגט צו געבען 300 רובעל. זאָל ער פאַר דעם ניט מורא האָבען, דער טאַטע וועט ניט אָבנאַרען, ער קען זיך אָנפרעגען ביי ר' מענדעל פּרוזשאַן...

— פּרוזשאַן — האָט דער שרייבער איבערגע'חזר'ט, פערשרייבענדיג דאָס לעצטע וואָרט, און, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט ער אַ זאָג געטהאָן :

— און איך וועל דיך אָהן געלד נעהמען.

ער האָט אַ דרעה געטהאָן דאָס הענדטעל אין דער לופטען און אַ קוק געטהאָן אויף דער מיידעל מיט זיינע קאַסאַקע אויגעלאַך.

— איך יאָג זיך ניט נאָך געלד. זאָלען זיי בלייבען ביי דיין טאַטען, האַ ?

די אַלטע האָט אונצופריעדען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. שיינע האָט מיט האַרץ איבערגעשלאָגען :

— שרייב : קענסט אָנפרעגען ביי פּרוזשאַנ'ען, דער וואָס האַלט די פאַבריק בשותפות מיט סעגאַל'ען . . .

— מיט סעגאַל'ען, — האָט ער פערשריעבען און ער האָט ווידער געזאָגט :

— בעדענק נור : צו וואָס דאַרפסטו זיך פערבינדען מיט אַ מענשען פון אַ פרעמדער שטאָדט ? ווען ער וויל געלד, איז דאָך אַ סמן, אז ער האָט דיך ניט האָלט.

— ניט דיין עסק ! — האָט שיינע מיט

כעס אויסגעשריען — ווען איך ווייס, אז דו וועסט ריידען וועגען דעם, וואָלט איך דיך ניט גערופען.

— נו, נו, ער וועט שוין ניט ריידען — האָט די אַלטע געפּרובט זיי איינגנעהמען מיט גוטען. פּלוצלונג האָט א הוהן, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זי איז געווען געפּעגטעט, זיך ווי עס איז ארויסגעמאַכט פון קארב און זיך א זעץ געטהאָן אָן דר'ערד.

— יעדען אבענד טראַכט איך וועגען דיר — האָט שיינע דיקטירט און שוין גאָר אָהן מורא האָט זי זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צום שרייבער און שוין ניט אראָבגעלאָזען די אויגען פון דעם ווייסען בויגעלע פּאַפּיער מיט'ן פעטען פלעק, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען איהר געליעבטער.

— יעדען אבענד טראַכט איך וועגען דיר — האָט מיט וועהטאָג און געפיהל איבערגעזר'ט דער שרייבער. ער האָט געשווינד א בלאָז געטהאָן אויף זיינע פּערפּראָרענע רויטע פינגער און געשריעבען, וואָס יענע האָט דיקטירט.

— און איך בעט ביי גאָט, דו זאָלסט מיר קומען צו חלום אין א גוטען חלום...

— אין א גוטען חלום... ד'ווייס שוין, ד'ווייס — האָט דער שרייבער זיך אָבגערופען און גענומען שרייבען ניט וואַרטענדיג אויף שיינען:

— די פויגעלאך זינגען זיס, די בלימעלאך בליהען אויף דער לאָנקע, און איך קען אָהן דיר ניט לעבען, בעסער שטאַרבען... וואו איז דאָס קלעקס פּאַפּיער?

ער האָט איבערגעקעהרט א זייטעל און גענומען זיך אליין דיקטירען:

— א ביינקשאַפט עסט מיין האַרץ, און לאָזט מיך ניט רוהען ניט טאָג, ניט נאַכט. איך וועל זיך פלאַגען ווי א פויגעלע, וואָס איז ארויסגעפאַלען פון נעסט, ווען דו וועסט מיך פערשטויסען.

— קיש, קיש — האָט די אַלטע האָדיש טרויריג נאָכגעזאָגט די טרויעריגע געדאַנקען פון בריעף און גענומען כאַפּען די ארויסגעשפּרונגענע הוהן.

ביי שיינען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען אין די אויגען, אָבער זי האָט זיי ניט אויסגעווישט און נור געקוקט ווי דאָס בויגעלע פּאַפּיער בעדעקט זיך געשווינד מיט שוואַרצע אונפערשטענדליכע פּאַסיקלאַך און קייקעלאַך, וועלכע האָבען אזאַ אומעטיגען און זיסען זין.

— מיין נשמה איז א יתומה'לע — האָט דער שרייבער פּאָרטגעזעצט און זיינע קורצזיכטיגע קאַסאָקע אויגעלאַך האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט טרערען: — מיין נשמה איז א יתומה'לע, און טרעהרען זיינען ביים אויבערשטען פערשריעבען. אַלץ וועט אוועק און פאַר מיר וועט קיין זאַך ניט בלייבען, אָבער דיך וועל איך קיינמאָל און אייביג ניט פערגעסען.

צוויי טרעהרען — איינע נאָך דער אַנדערער — האָבען אראָבגעשפּריצט אויף די שוואַרצע אונפערשטענדליכע פּאַסיקלאַך און האָבען זיך פאַנאַנדערגעשוואומען אין פלעקען.

— אַי, — האָט שיינע אויסגעשריען מיט שרעק.

— נאָך בעסער — האָט כליפּענדיג, דער שרייבער איהר בערוהיגט — ער וועט מיינען, דאָס האָסטו געוויינט און וועט גיכער קומען.

און ער האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע פון פּאַלטאָ א ברודיגע צונויפגעקנוילטע נאָזטיכעל און גענומען שנייצען און הוסטען.

— דאָס שרייב איך שוין פאַר 25 קאָפּיקעס — האָט ער ערקלערט — נור רעכנען וועל איך דיר ווי פאַר צעהן.

דאָ האָב איך בעמערקט, אז די אַלטע וויינט אויך, און איך האָב אויך דערפיהלט אין האַלז אזאַ מאָדנעם זיסען און שטעכעדיגען קיצעל — טרעהרען האָבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען — די ערשטע טרעהרען פון צוריקגעוויזענער ליעבע.

* * *

דאָס געהיימניס פון גענעראַל סולערזשיצקי'ן און זיין אַדיוטאַנט, וואָס איך האָב מיר אליין געשאַפען, איז אין יענעם גראָהען פריהמאָרגען צושוואומען ווי א רויך. אָבער זייט דעם פיינינגט מיך אַן אַנדער געהיימניס — א טיעפעס און אַן ערנסטעס — וואָס איך האָב ביז היינטיגען טאָג ניט געטראָפען — דאָס געהיימניס פון ליעבע, דאָס געהיימניס פון מאַן און ווייב...

אין איניגע מאָנאַטען ארום איז שיינע אַוועק פון אונז און ארום פּסח־צייט האָט זי טאַקע חתונה געהאַט מיט וועלוולען, וועלכער האָט געאַרבייט ביים נייען שאַסעע. ווי עס געדענקט זיך מיר, איז זי זעהר אומגליקליך געווען מיט איהם. דעם וואַסערפיהרערס ברודער, וועלכער וואָלט אנגעשפּאַרט גאָר הויך, ווען ער לערנט זיך אין דער אַקאַדעמיע, האָב איך שוין קיינמאָל מעהר ניט געזעהן. נור ביז איצט געדענק איך נאָך זיין מערקווירדיג בערדעל — בערגעלאך און בוימעלאך צוגעקלעפּט צו דער נאַקעטער מאָרדע — זיינע קאַסאָקע, בלינדליכע אויגעלאך און זיין גרויסע צאַרטע ליעבע, וועלכע איז אין יענעם קאַלטען גראָהען פריהמאָרגען, אין דער ניט־געהייצטער קיך, אויסגעשטאַנען אזאַ שווערען, פּיינליכען נסיון.

ניו יאָרק, דעצעמבער 1913

איבערזעצט פון ב. ריווקין.

ש. ראָזענפעלד

דער באָיקאָט אין פּוילען

.1

עם אמת־זאָגענדיג, איז דער פּוילישער איד איצט מעהר פערנומען מיט די ב ע ג ל י י ט־ערשיינונגען פון באָיקאָט, ווי מיט דעם באָיקאָט גופא. ניט ווייל דער באָיקאט האָט אויפגעהערט, נור ווייל דער ליאַרם, אַרום באָיקאָט, איז שטילער געוואָרען. און דער ליאַרם איז שטילער געוואָרען — ווייל די „אידעע" פון באָיקאט איז געוואָרען אַ נאַטירליכע בעגלייטערין פון לעבען. זי האָט אַריינגעדרונגען אין דער טיעף, אַרויפגעשטיעגען אין דער הויך, פערשפּרייט זיך אַרום און אַרום, און פערנעהמט דעם גאַנצען שטח פונ'ם פּוילישען געזעלשאַפטליכען לעבען. זי ווירקט אין די בירגערליכע פּוילישע הערצער, ווי אַלטע ליעבע: זי ברענט ניט, נור זי וואַרמט. ניטאָ קיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין פריי פון איהר. איהר בעגעגענט זיך מיט דער „אידעע" אומעטום: אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט, אין שול און אין ביבליאָטעק, אין באַנק און אין קראָם, אין טראַמוויי און אין גאָרטען, אין פעראיינען און געזעלשאַפטען, אין שאַפּ און אין פאַבריק, אין שטוב און אויפ'ן גאַס און אויף יעדען שטעג און וועג, וואו אַ איד מיט אַ פּאָלאַק בעגעגענען זיך נור.

און דאָס וואונדערט מעהר קיינעם ניט, און עס איבערראַשט מעהר קיינעם ניט. עס איז געוואָרען אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך, אַ נאַטירליכע נויטוועדיגקייט, ווי די היץ אום זומער, ווי דער שנעע און דער פראָסט אום ווינטער.

און אידען אַקלימאַטיזירען זיך גוט, געוועהנען זיך צו צו צרות גיך — ווייל זיי וואַרטען אַלץ אויף נייע, וועלכע לאָזען ניט לאַנג אויף זיך וואַרטען.

דערפאַר האָבען די אידען אין פּוילען שוין אויפגעהערט צו שפּירען די שאַרפקייט פון באָיקאט גופא, און געבען נאָך בלויז אַ ציטער ביי יעדער נ י י ע ר ערשיינונג, וואָס בעגלייט דעם באָיקאט.

פערגעסט מען אָן דעם באָיקאט און מען שרייט ערשט דאַן, ווען באָיקאטיסטען פערברענען אַ אידיש הויז אינאיינעם מיט איהרע איינוואוינער — כדי מיט פייער אויסצוראָטען די אידען פון לאַנד; פערגעסט מען די הונגער־נויט פון די טויזענדע און טויזענדע, וואָס דער באָיקאָט האָט רואינירט, און מען שרייט ערשט דאַן, ווען אַ פּוילישער דאָקטאָר טרייבט אַרויס אַ אידישע קראַנקע פרוי פון זיין אַמבולאַטאָריום; ווען פּוילישע שול־קינדער צו־מזיקען אַ אידישען שילער אין אַ סוחר'שער האַנדעלס־שול, וואָס ווערט דערהויפּט אויסגעהאַלטען פון אידיש געלד; ווען פּוילישע מויערער וואַרפען אַראָב אַ ציעגעל פון דער הויך פון אַ געביידע גלייך אַ אידען אויפ'ן קאָפּ אַרויף, און דאָ אויפ'ן אָרט הויכט דער איד אויס זיין נשמה; ווען אַ פּאָליאַק בעגעגענט אַ קליין אידיש קינד, צושפּאַלט איהם מיט אַ שטעקען דעם שאַרבען, דאָס קינד שטאַרבט אַוועק און דער פּאָליאַק געהט זיך רוהיג זיין וועג ווייטער; ווען אַ איד קומט אַריין יום טוב אין אַ קאָסטיאָל, הויבט אָן צו זידלען דעם קסיאָנדז, רעדט ווערטער, וואָס פּאַסען ניט פאַר אַ „מקום קדוש", און אַז מען אַרעסטירט איהם און מען ברענגט איהם אין צירקעל אַריין, שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ פּאָליאַק, נור ער האָט זיך מיט אַ כיון פערגרימירט פאַר אַ אידען — טאָמער וועט זיך אַזאַ פּראָוואָקאַציע איינגעבען... ווען באַנק־מיטגליעדער ווענדען זיך אין מיניסטעריום מיט אַ בקשה, מען זאָל איינפיהרען אַזאַ סטאַטוט, לויט וועלכען נור 20 פּראָצענט אידען זאָלען מעגען זיין אין דער פערוואַלטונג פון באַנק — בעת אידישע מיטגליעדער זיינען דאָ 80 פּראָצענט... ווען מען הויבט אָן מאַסענווייז טרייבען אידען פון די דערפער, וואו זיי לעבען שוין צעהנדליגע יאָהרען, מיט דעם אויסרייד, אַז אויף פויערשער ערד טאָרען אידען ניט וואוינען... ווען מען שיקט אַריין דעם אידישען קאַפּעלמייסטער, אין וואַרשויער פילהאַרמאָניע, צו זיין בענעפיס, זייף, קנאָבעל, בערישטלעך און דערצו פייפט מען איהם אויס, בעת ער איז אַנערקענט פאַר אַ גרויסען קינסטלער; ווען פּוילישע פּריצים, וואָס האָבען היפּאָטעקען אויף אידישע הייזער, קומען אין איין שעהנעם פריה־מאָרגען איינצו־

מאַהנען טויזנדער רובעלס און רואינירען פאָל־שטענדיג די אידישע "הייזער־אייגענטימער"; ווען מען הערט פון דער פוילישער פּראָווינץ, אַז היינט דאָ, מאָרגען דאָרט ווערען געמאַכט פּראָבען פונאַנדערצובלאָזען אַ בלוט־בלבול; ווען בשעת דעם ביילים־פּראָצעס, האָט זיך געפונען נור איין איינציגער, קאָנסערוואַ־טיווער, פוילישער שרייבער, סטראַשעוויטש (איצט שוין עליו השלום), וועלכער איז אַרויס־געטרעטען ג ע ג ע ן דער בלוט־לעגענדע; די גאַנצע איבריגע פּרעסע האָט זיך אָפענ־הערציג געשטעלט פאַר די אויפּטהוער פון פּראָ־צעס און פאַר'ן קסיאָנדז פּראַנאַיטיס (די צוויי לינקע צייטונגען האָבען דעם גאַנצען ענין פ ע ר ש װ י ג ע ן); ווען פוילישע קינסטלע־מאָהלען בילדער, ווי אידען צאַפּען אויס בלוט פון קריסטליכע קינדער און פוילישע קונסט־הענדלער שטעלען די בילדער אַרויס אין זייערע שויי־פענסטער; ווען אַזאַ קינסטלער ווי פּאַ־דאַרעווסקי גיט אַ נדבה, אַ קאָנצערט, דער פּאָגראָם־צייטונג "דוואַ גראָשאַ", וואָס איז לכתחילה געשאַפען געוואָרען, כדי צו אַגיטירען פאַר דעם באָיקאָט און האָט שוין ביז הונדערט טויזענד לעזער; ווען מען טרייבט אַרויס אי־דען פון אַזאַ פוילישער בילדונגס־געזעלשאַפט ווי "קולטורא פּאָלסקאַ" — און מעג מען צו־ליעב דעם אפילו די גאַנצע געזעלשאַפט פער־מאַכען; ווען די "פּראָגרעסיווע אַנטיסעמי־טען" (פאַרהאַן אין פוילען אַ ז אַ מין פּאָלי־טיש בעשעפעניש אויך!) הויבען פּלוצלונג אָן צו טענה'ן, אַז אויב אידען האַלטען עס פאַר וויכטיג צו לעבען בשלום מיט די פּאָליאַקען, האָבען זיי דערצו נור איין עצה: עמיגרירען פון פוילען, און יענע אידען, וואָס רופען זיך "פּאָליאַקען פון משה רבינו'ס גלויבען", וואָס זיינען ב א מ ת אויסען דאָס גליק פון פּוילי־שען פאָלק, זיי דאַרפען ד י ע ר ש ט ע עמיגרירען פון לאַנד, כדי גרינגער צו מאַכען דעם פוילישען פאָלק זיין קאַמפף מיט די "שטשורעס"... א. ז. וו. א. ז. וו.

איבריגענס — די "שטשורעס־טעאָרי" איז ע נ ט ד ע ק ט געוואָרען נאָך אַ צייט לאַנג פ אַ ר דעם באָיקאָט, און ענטדעקט האָט זי דער "פוילישער וואַלטער": ש װ י ע נ־ ט אָ כ אָ װ ס ק י.

2.

געוועהנליך, דערהויפּט פון דערוויטענס, איז עס אָנגענומען צו רעכנען דעם "געבורטס־טאָג" פון באָיקאָט — דעם טאָג פון די וואַהלען צו דער פיערטער דומע, און די קוואַטער פון דעם ניי־געבוירענעם פערזעהעניש — די פּויי־לישע, "נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע" פּאַרטיי. דאָס איז אָבער אַ טעות.

דער עצם געדאַנק, אַז דאָס פוילישע פאָלק מוז קעמפפען מיט'ן אידישען פאָלק, און אַז דאָס בעסטע קאַמפפס־מיטעל איז דער "עקאָנאָמישער באָיקאָט" — דער געדאַנק איז שוין אַלט איבער דריי צעהנדליג יאָהרען. נאָך אין די 80־ער יאָהרען, האָט זיך געפונען אין פוילען אַן אַנטיסעמיטישער נביא מיט'ן נאָמען יעלענסקי, וועלכער האָט געגרינדעט די ערשטע אַנטיסעמיטישע צייטונג "ראָלאַ", און האָט דאַן נאָך געשמידט די אַלע באָיקאָט־לאָ־זונגען, וואָס זיינען איצט אַזוי פּאָפּולער. די שלאַג־ווערטער פון דער גאַנצער איצטיגער פוילישער פּאָליטיק, ווי "סוואָי דאָ סוואָעגאָ", "קויפט נור ביי קריסטען", "דער פּאָליאַק איז בילכער צו האָבען דעם פוילישען ביסען ברויט" — זיי אַלע שטאַמען פון יעלענסקין און פון זיין "ראָלאָ".

אין די 80־ער און 90־ער יאָהרען, איז די דערמאָהנטע צייטונג געווען כמעט די איינ־ציגע, וואָס האָט ענערגיש געאַרבייט פאַר דער "צוקונפט". נור דער קליר (די גייסטליכע) און די קליינע קרעמער האָבען די דאָזיגע צייטונג געשטיצט און געהאַלטען פון איהר "אני מאמין".

אידען — און אויך די פוילישע אינטעלי־גענץ — האָבען געלאַכט פון דעם ווילדען, קלע־ריקאַלען יעלענסקי מיט זיינע חלומות. זיי האָבען נאָך דאַן געגלויבט אין וועלעפּאָלסקי'ס אילוזיעס, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט צו ערפילען אַ גרויסע מיסיאָן אין פוילען. נעמליך: די שטעדטישע בורזשואזיע, אָדער דער סוחרים־שטאַנד פון פוילען, וועלען זיין די אידען. ווארום דער פּאָליאַק, דער "וועלמאָזשנע פּאַן", קאָן זיך ניט פערנעהמען מיט קיין פאַבריקאַציע, מסחר, מעקלעריי און פערמיטלונג. דאָס איז ניט לויט זיין גייסט. און קוים ערפילט דער איד אַ נויטווענדיגע מיסיאָן, קוים מאַכט ער אויס אַ נויטוועגדיגען בעשטאַנדטייל פון דער פוילישער, סאָציאַלער סטרוקטור, איז עס אַ נאַרישקייט, דאָס די פּאָליאַקען זאָלען איהם עקאָנאָמיש באָיקאָטירען. יעלענסקי איז דאַ־רום געווען דער סימבאָל פון'ם אבשייליכען, קלעריקאַלען אַנטיסעמיטיזם, וואָס קאָן קיין ערפאָלג ניט האָבען ביי אַזאַ "הויך־קולטורעל" פאָלק, ווי פּאָליאַקען זיינען.

איצט ווערט עס אַלץ קלאָרער און קלאָ־רער, אַז יעלענסקי האָט געהאַט אַ שאַרפערע אויג, ווי די דעמאָלטיגע פּראָגרעסיווע איינ־טעליגענץ. ער האָט געשטעלט זיין קאָרט אויף ד ע ם פוילישען עלעמענט, וואָס האָט דע־מאָלט ערשט אָנגעהויבען צו וואַקסען—א ו י ף ד ער פ ו י ל י ש ע ר ב ו ר ז ש ו אַ־ ז י ע.

צוליעב פערשיעדענע סבות — אַל־וועלט־ליכע, רוסלענדישע און ספּעציעל פוילישע — איז די פוילישע שליאַכטע, נאָך דעם לעצטען אויפשטאַנד אין די 60־ער יאָהרען, אַלץ מעהר

געפאַלען. דער באָדען־בעזיץ און די באָדען־
קולטור האָט מעהר ניט געניגט צו בעזאָרגען
דעם פּוילישען „מאַגנאַט“ מיט דעם גאַנצען
לוקסוס, צו וועלכען ער איז געוועהנט געוועזן.
מען האָט אָבגענומען ביי איהם די לייב־אייגע־
נע, די אומזיסטע ארבייטער, און א גרויסען
טייל פון זיין ערד האָט מען איבערגעגעבען
די פּויערים, ווי זייער אייגענטום. די אַלגע־
מיינע, העכערע בילדונג, האָט אויך דעם פּוי־
לישען פּריץ ארויסגעריסען פון זאַנפטען שלו־
מער און אויסגעבילדעט פון איהם אַ מענשען
מיט אַ פרייער פּראָפעסיע, וועלכער נויטיגט
זיך אָן דער שטאָדט. די אינדוסטריע האָט
געמוזט ערפילען דאָס, וואָס דער גרונד און
באָדען האָט ניט דערגעבען. און ווילענדיג
ניט־ווילענדיג, האָט דער פּאָליאַק געמוזט
אראָבציהען די ווייסע האַנדשוה און זיך אָנ־
הויבען פערנעהמען מיט פאַבריקאַציע און
האַנדעל, מעקלעריי (באַנק־געשעפט) און פער־
מיטלונג. ד. ה. מיט דעמזעלבען, מיט וואָס
דער איד האָט זיך דאָ אין לאַנד פון תמיד אָן
פערנומען.

אָבער קומענדיג אין שטאָדט אריין, האָט
דער פּאָליאַק געפונען אַלע פּלעצער בעזעצט פון
אידען. פרייע פּראָפעסיעס, האַנדעל און
פאַבריקאַציע — אַלץ איז געלעגען אין אידישע
הענד. די אידען זיינען רייך געוועזן, און דער
שליאַכטיין האָט אין ז י י ן וואַרשוי, למשל,
נור מיט גרויסע שוויריגקייטען געקאָנט צו־
קומען צו עפּעס אַ בעשעפטיגונג.

אין די 80־ער יאָהרען האָט אָט דער עלע־
מענט, אין די פּוילישע שטעדט, אָנגעהויבען
צו וואַקסען. עס איז גאַנץ נאַטירליך, ווען
אָט די קליין בורזשואַזיע האָט אליין געוואָלט
ערפילען פאַר איהר פּאָלק די מיסיאָן, וואָס
פירסט וואָלאָפּאָלסקי אין דער „פּוילישער פּראָ־
גרעס“, אָדער „פּאָסטעמפּ“, האָט איבערגע־
לאָזט פאַר די אידען. עס איז לייכט צו בעגריי־
פען, אַז אין די קרייזען, פון אָט דער וואַק־
סענדער בורזשואַזיע, איז געוואַקסען דער
האַס צו אידען, וועלכע האָבען „פערכאַפּט“
דאָס גאַנצע לאַנד אין זייערע הענד, בעת ער,
דער „איידעלער“ שליאַכטיץ, האָט זיך גע־
יאָגט אין זיינע ענדלאָזע וועלדער נאָך האָזען,
און מיט דעם זאַפט פון זיין ערד האָט ער
געשפּייזט גאַנצע מחנות „צוויידייטיגע דאַ־
מען“ אין די גרויסע אייראָפּעאישע צענטרען.

אָט אויף די עלעמענטען, אויף דער וואַק־
סענדער, פּוילישער שטעדטישער בורזשואַזיע
האָט יעלענסקי זיין קאָרט געשטעלט. ער האָט
זיין גורל מיט איהר גורל פערבונדען. און וויל
זי איז געוועזן קליין, דערפאַר איז דאַן אויך זיין
ערפאָלג קליין געוועזן.

אָבער שוין צום סוף פון די 90־ער יאָהרען
זיינען יעלענסקי'ס אַקציעס געשטיגען, זיינע
מיינונגען האָבען אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהוי־
בען ווערען פּאָפּולער, און אין פערשיעדענע
ערטער זיינען אויסגעוואַקסען צייטונגען — יע־
לענסקים גצזינונגס־גענאָסען.

אין דער צייט נעמליך האָט מען ארויס־
געטריבען די אידען פון מאָסקווע, זיי פערבי־
טערט דאָס לעבען אויך אין איבריגען רוסלאַנד.
אידען אָ ה ן מיטלען האָבען עמיגרירט אין
אַנדערע, ווייטע וועלט־טיילען. אידען מ י ט
מיטלען האָבען קיין גרויסע נסיעות און קיין
גרויסע הוצאות ניט געמאַכט; זיי זיינען גע־
קומען קיין פּוילען און זיך דאָ פעסט איינגע־
בירגערט.

דעמאָלט איז פון לאָדז געוואָרען דאָס „פּוי־
לישע מאַנשעסטער“, טאָמאַשאָוו און פּעטרי־
קאָוו האָבען אָנגעהויבען צו קאָנקורירען מיט
מאָסקווע אויף די ווייטע רוסישע מערק און
וואַרשוי האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ גרע־
סערע ראָלע, ווי מאָסקווע, אין דעם ווייטען
מזרח.

פאַר'ן פּוילישען אַרבייטער ווי פאַר דעם
פּוילישען פּויער — דעם געברויכער פון פאַר־
טיגע פּראָדוקטען און דעם פּראָדוציערער פון
רויה־פּראָדוקטען, איז דאָס אינדוסטריעלע
אויפבליהען פון פּוילען געוועזן אַ גליק. די
שטעדטישע בורזשואַזיע האָט אָבער דערין גע־
זעהן פאַר זיך אָן אומגליק: דאָס לאַנד האָט
א ו י פ ג ע ב ל י ה ט, און נאָך איז די הינ־
טערשטעליג! דאָס לאַנד בליהט, און אַלע
פּרוכטען קומען ווידער אָן צום אידען אין האַנד
אַריין! דער איד ווערט אַלץ שטאַרקער און
שטאַרקער און דעם פּאָליאַק ווערט אַלץ שווע־
רער און שווערער צו ערווערבען פאר זיך אַ
פּאָזיציע — ווי עס פּאַסט פאַר'ן „בעל הבית“
אין לאַנד . . .

דאָס אַלץ האָט געגאָלטען ווי וואַסער אויף
יעלענסקים מיהל. דעם אַנטיסעמיטיזם איז
אויסערליך ניט געוועזן שטאַרק צו בעמערקען.
אָבער אינווענינג האָט ער זיך אַלץ מעהר און
מעהר איינגעוואָרצעלט, איז ער אַלץ טיעפער
און טיעפער געוואַקסען. אויסערליך האָט עס
געהייסען: אידען האָבען אין פּוילען — לויט די
אַלטע פּוילישע דעקלאַראַציעס — גלייכבערעכ־
טיגונג; פּוילען געהערט צו די קולטור־פעל־
קער און פון פּאָגראָמען ווייסען ניט די פּוילישע
אידען. אינערליך אָבער האָט מען דעם אידען
געהאַסט, ווי נור אַ פּוילישער שליאַכטיץ אַ
בעל גאוה קאָן האַסען און פעראַכטען.

.3

און נאָך איינס.

דער פּאָליאַק איז פון שטענדיג אָן גע־
וועהנט געוועזן צו זעהען אין אידען אַ נכנע, אַ
קנעכט, וואָס לאָזט זיך טרעטען מיט די פיס,
און האָט הנאה ווען דער פּריץ איז איהם מכבד
מיט אַ שפּיי אין פּנים. קיין חלוק ניט, וואָס

דער זיידע און דער טאַטע האָבן געזונגען דעם פּריץ „מה יפית“ אויף סדור־לשון און דאָס אייניקעל און דער זוהן זינגען „מה יפית“ אויף אַ שעהן פּויליש. דער נוסח איז אַן אַנדערער, אָבער דער אינהאַלט איז דער אייגענער. דערפאַר — און ניט נור דערפאַר אַליין — טרעפט איהר אין ערגיץ ניט אַזוינע קנעכטישע אידען ווי אין פּוילען, דערפאַר געפינט איהר אין ערגיץ ניט אַזאַ רעאַקציאָנערע אידישע אַסימילאַציע ווי אַרום דער ווייסלאַ.

אָבער זינט די רוסישע אידען האָבן זיך אין פּוילען פערמעהרט, האָבן די פּאָליאַקען אָנגעהויבען צו בעגעגענען אויך אויפגעהויבענע קעפּ. נייע פּויגעל — נייע ליעדער. אין דער צווייטער העלפט פון די 90־ער יאָהרען האָט דער אידישער „בונד“ אָנגעהויבען צו אַרבייטען צווישען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, אָנגעהויבען וועקען און ענטוויקלען זיין מענשליך בעוואוסטזיין. און פון דעם לעקסיקאָן פון׳ם אידישען בעוואוסטזיניגען אַרבייטער זיינען לחלוטין אויסגעמעקט געוואָרען די צוויי ווערטער: „מה יפית“. אין דער זעלבער צייט האָט אויך דער ציוניזם אָנגעהויבען צו אַרבייטען צווישען די אידיש־בורזשואַזע קרייזען, אָנגעהויבען צו וועקען און ענטוויקלען דאָס אידישע נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין. פון „מה יפית“. איז אויך דאָ כמעט קיין שפּור ניט געבליבען. ביידע האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבען מורד צו זיין אָן דער פּוילישער קולטור — אַז זי איז אַ מ ו ז אויף אידען. מען האָט צווישען אידען אָנגעהויבען צו ריידען פון אַ א י ד י ש ע ר קולטור. אין גיכען האָט זיך אין די דעמאָקראַטישע קרייזען אָנגעהויבען די רייד פון אַ אידיש־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, פון אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטבעשטימונג, פון אַ אידישער שפּראַך, וועלכע זאָל האָבן די זעלבע רעכט, וואָס די פּוילישע שפּראַך — אַלץ ווערטער, צו וועלכע דער שליאַכטיצישער אויער איז כלל ניט געוועהנט געוועזן.

די פּוילישע בורזשואַזיע, וואָס איז — ווי די בורזשואַזיע ביי אַלע אַנדערע פעלקער — די גבאי׳טע אויף אַלע כלל־זאַכען, דער „זעמעל“ און דער „בוימאייל“ פון דער נאַציאָן, האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אין אַלע גלעקער:

— דאָס פאַטערלאַנד איז אין געפאַהר! די „ליטוואַקעס“ — אַזוי רופט מען אין פּוילען אַ ל ע אידען, וואָס קומען פון רוסלאַנד — ווילען אויף אונזער ערד מאַכען אַן אייגענע מלוכה, ווילען ווערען אין לאַנד גלייכע בעלי־בתים מיט אונז א. ז. וו. א. ז. וו. בכן — קאַמפּף געגען די אידען!

אַזוי האָט מען אַרויפגעשלעפּט אויף די עקאָנאָמישע אינטערעסען אַ נאַציאָנאַליסטישען מאַנטעל, און דער עקאָנאָמישער קאַמפּף, וואָס האָט נוגע געוועזן בלויז דער בורזשואַזיע, איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, מען האָט דאָס ג אַ נ צ ע פ אָ ל ק אין איהר פּערזאָנ… פער־אינטערעסירט.

און כאָטש די אידישע גרויס־בורזשואַזיע און איהרע אידעאָלאָגען, די אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ, האָבן געגוואַלדעוועט געגען די „פינסטערע ליטוואַקעס“ נאָך מעהר ווי די פּאָליאַקען, האָט זיי דאָס ניט געהאָלפען. די פּוילישע אינטעליגענץ האָט זיך אויך איינגעשטעלט פאַר דער „נאַציאָנאַלער זאַך“, און האָט זיך פּלוצלונג אַרומגעזעהן, אַז — — — די אַסימילאַטאָרען זיינען סוף כל סוף אויך אידען; אַז די אַסימילאַטאָרישע הבטחות, דאָס סוף כל סוף וועלען זיך אידען אין גאַנצען לאָזען איינשלינגען פון די פּאָליאַקען, איז אַ פּוסטע פראַזע — די מאַסען געהען ניט נאָך די אַסימילאַטאָרען, און די אַסימילאַטאָרען האָבען אויף די מאַסען קיין שום ווירקונג ניט. והראיה — דער אידישער בעוואוסטזיניגער אַרבייטער האָט זיך ז י י ן אידישען „בונד“, לייענט ז י י ן אידישע ליטעראַטור און האָט זיך ז י י נ ע, אידישע קרייזלעך; די מאַסע האָט א י ה ר פּרעסע, איהרע טעאַטערן, איהרע פעראיינען און מיט דער פּוילישער מאַסע האָט זי קיין מגע ומשא ניט. די אידישע אינטעליגענץ שטרעבט צו אַ א י ד י ש ע ר קולטור, ניט צו דער פּ ו י ל י ש ע ר. וואָס ווייטער ווערט דער תהום צווישען דעם פּאָליאַק און דעם אידען אַלץ טיעפער. און וואָס שטאַרקער דער איד ווערט, אַלץ מעהר געפאַהר איז עס פאַר פּוילען, אין דעם דאָזיגען תהום אַריינצופאַלען, און אידען זאָלען ווערען די הערשער.

אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז דער קאַמפּף צווישען פּאָליאַקען און אידען אביסעל מטושטש געוואָרען. אַלע האָבען געהאָפט אויף בעסערע צייטען. אידען האָבען געהאָפט אויף נאַציאָנאַלע רעכט; פּאָליאַקען האָבען געהאָפט, אַז רוסלאַנד וועט געבען אידען גלייכבערעכטיגונג, וועלען זיי אויפהערען לויפען מאַסענווייז קיין פּוילען.

נור פאַר דער ערשטער דומע האָט זיך געגרינדעט די „נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע“ פּאַרטיי. אַז זי האָט זיך געווענדט צו דער שטעדטישער בעפעלקערונג, כדי אויף איהר זיך צו שטיצען, האָט זי שוין געטראָפען די קליינע און מיטעלע בורזשואַזיע פעראייניגט אין איין ווילען — צום קאַמפּף מיט אידען. די פּאַרטיי האָט עס געשטעלט אויבען־אָן אין איהר פּראָגראַם: צו שיצען די אינטערעסען און אָנפיהרען דעם קאַמפּף פאַר דער פּוילישער קליין־ און מיטעל־בורזשואַזיע.

צו די וואַהלען אין דער ערשטער דומע, זיינען אידען געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די פּוילישע פּראָגרעסיסטען, ג ע ג ע ן די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטען. און שוין ד ע מ אָ ל ט,

אין יאָהר 1906, האָט די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטיע אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכען זי האָט ערקלערט:

„מיר שווערען, אַז מיר וועלען אויפהערען צו קויפען ביי אידען, אויב מיר וועלען די וואַהלען פערליערען.“

די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָבער געזיעגט ביי די וואַהלען, און דאָס באָיקאָט־מיטעל האָט מען געהאַלטען פאַר איבריג אויסצונוצען.

בעת די וואַהלען צו דער צווייטער דומע איז די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטיע ווידער אַרויס מיט דער זעלבער שבועה, נור זי האָט אויך דאָסמאָל געזיעגט.

אין די וואַהלען צו דער דריטער דומע, האָבען זיך די אידען בכלל ניט בעטייליגט — איז אַלזאָ ניט געווען וועמען צו סטראַשען און מיט וועמען זיך אָבצורעכענען.

נאָך די וואַהלען אָבער צו דער פיערטער דומא, וואו די א י ד ע ן האָבען געזיעגט, האָט מען אָנגעהויבען דאָס אַלטע קאַמפּפס־מיטעל צו בענוצען: מען האָט דעם באָיקאָט אָרגאַניזירט.

.4

ווי אַזוי האָט מען אָרגאַניזירט דעם באָיקאָט?

קודם כל האָט מען אָרגאַניזירט „קאָנספּיראַטיווע קאָמיטעטען“ פון „חשוב׳ע“ בעלי־בתים בעזונדער, פון „פאָרנעהמע“ דאַמען בעזונדער און פון יונגע לייט און שול־קינדער בעזונדער. אָט די קאָמיטעטען האָבען עס געהאַט אָנצופיהרען מיט דער גאַנצער אַרבייט. יעדער קאָמיטעט האָט געהאַט פאַר זיך אַ ספּעציעלען טייל פון דער אַרבייט.

באַלד זיינען געקומען די סוחרים־פעראייניגען און פעראיינען פון בעלי־מלאכות — וועלכע זיינען אַם מייסטען פעראינטערעסירט אין בעקעמפּפען דעם אידען — און האָבען עפענטליך ערקלערט, אַז זיי וועלען שטיצען די „פּוילישע בעוועגונג“, וואָס איהר ציעל איז — פּאָלאָניזירען די אידישע שטעדט אין פּוילען. אין גיכען זיינען אויך געקומען די פערוואַלטונגען פון די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען און ערקלערט: „כאָטש זייער אויפגאַבע איז צו בעקעמפּפען דעם קליין־האַנדעל און די פערמיטלערשאַפט, איז עס אָבער נוגע בלויז דעם א י ד י ש ע ן קליין־האַנדעל און די א י ד י ש ע פערמיטלערשאַפט. אָבער דעם פּוילישען קליין־האַנדעל וועלען זיי, אדרבא, שטיצען — ווייל דער קליינער, עקאָנאָמישער שאַדען, וואָס זיי ברייגען דער בעפעלקערונג, האָט קיין ממשות ניט אין פערגלייך מיט די גרויסע „נאַציאָנאַלע ווערטהען“, וועלכע זיי שאַפען דערמיט, וואָס זיי שטופען אַרויס דעם אידישען מסחר פון לאַנד“ . . . און באַלד זיינען געקומען די בילדונגס־געזעלשאַפטען און ערקלערט, אַז זיי זיינען „סאָלידאַריש מיט דעם געדאַנק, אַרויסצוטרייבען דעם אידישען גייסט פון דעם פּוילענטום“. דער באָיקאָט־געדאַנק האָט אַלזאָ בעקומען אַ ברייטען, פעסטען יסוד אין דער גאַנצער, פּוילישער בורזשואַזנער געזעלשאַפט.

די באָיקאָט־אַרבייט איז געווען צווייערליי: 1) פ ר אָ פּ אַ ג אַ נ ד י ר ע ן ד י א י ד ע ע פון באָיקאָט, וואָס מוז רואינירען דעם אידען, און 2) גרינדען גרויסע און קליינע פּוילישע האַנדעלס־הייזער.

די ערשטע אַרבייט איז פאַר די באָיקאָטיסטען געווען די וויכטיגסטע און די שווערסטע. דער איד האָט זיך אין אַ משך פון דורות צוגעפּאַסט צום פּוילישען קונה, צו זיין געשמאַק, צו זיינע קאַפּריזען און צו זיינע לעבענס־בעדינגונגען. דער איד האָט פערקויפט ביליג, געגעבען אויף באָרג און געוואוסט ווי צו בעהאַנדלען און ניט צו דער׳רגז׳נען דעם „האָנאָראָווען“ פּאָליאַק. אַרויסצורייסען די פּוילישע קונדשאַפט פון אידישע הענד איז בכלל ניט אַזוי גרינג. דער פּוילישער קרעמער בעהאַנדעלט דעם קונד, ווי ער פלעגט אַמאָל בעהאַנדלען דעם „כלאָפּ“; ער נעהמט טייערער — ווייל ער פאָדערט פון לעבען פיעל מעהר, ווי דער אידישער קרעמער. און אויף באָרג גיט ער אויך ניט — ווייל ער האַלט אַן „עולם ומלאו“ פון אַ מזומנעם גראָשען. זיינען טאַקע די פּוילישע געשעפטען שטאַרק שפּל אין מעמיד, און אָהן „נאַציאָנאַליסטישער בלענדעניש“ וואָלט דער פּוילישער קונה ניט אַוועקגעוואָרפען דעם בעקוועמען אידישען קרעמער און איבערגעגאַנגען צום „עקיגען“ פּאָליאַק. האָט מען מיט קולות און שטורמען אָנגעהויבען צו בעווייזען דעם פּוילישען געברויכער, אַז דאָס קויפען ביים אידען איז אַ פעררעטה געגען פאַטערלאַנד, וואָס מ ו ז האָבען אַ פּ ו י ל י ש ע ן מיטעלשטאַנד; דאָס, וואָס דער איד פערקויפט וואָלוועל, איז ניט מעהר ווי שווינדעל, און טאָמער צאָהלט מען דעם פּוילישען קרעמער אַ פּאָאָר גראָשען טייערער, ווערען די פּאָר גראָשען פערעכענט ווי אַ נדבה אויפ׳ן נאַציאָנאַלען קריעגס־פאָנד — ווייל אַ „הייליגען קריעג“ פיהרט איצט דאָס פרומע קאַטוילישע פּוילען געגען דעם פערהאַסטען, גאָטסלאָזיגען „זשיד“.

אין דער זעלבער צייט איז עס געשעהען, אַז די רעגיערונג האָט איבערגענומען אין איהרע הענד די פּוילישע אייזענבאַהנען און האָט אָבגעזאָגט אַלע פּוילישע באַהן־בעאַמטע. צעהנדליגע טויזענדער מענשען זיינען געבליעבען אָהן ברויט. און די פּוילישע געזעלשאַפט בעזאָרגט זיי מיט קליינע געשעפטען אין די שטעדט. ס׳רוב אַזוינע געשעפטען האַנדלען מיט אַלטע זאַכען: אייזען, מעבעל, קליידער און ד. ג.

וואָס איז אין פוילען פון אייביג אָן אין אידישע הענד.

מען גרינדעט שותפות'שע געשעפטען, אין די שטעדט, פאר אלע שפייז־פּראָדוקטען, וואָס קומען פון דאָרף, ווי: האָניג, אייער, פּוטער, קעז, פּרוכטען. מען גרינדעט אין די קליינע שטעדטלעך סקלאַדען, וואו מען קויפט אויף די פויערשע תבואה קאָרן, ווייץ און ד. ג., מיט וואָס דער איד פלעגט זיך תמיד פּערנעהמען. מען גרינדעט אין די דערפער קראָמען ספּעציעל כדי צו קאָנקורירען מיט'ן אידישען קרעמער. און ווי ווייט עס איז נור מעגליך — און מעגליך איז עס אלע מאָל — טרייבט מען דעם אידען גאָר ארויס פון דאָרף... עס בעווייזען זיך אלץ מעהר און מעהר קראָמען מיט א שילד: „א קריסטליך געשעפט". מען זעהט בחוש, ווי די באָיקאָט־אידעע נעהמט איין דאָס גאַנצע לאַנד פוילען.

5.

און וואָס האָבען אידען געטהאָן אין דער גאַנצער צייט?

די אידען האָבען ——— געשריען.

די אסימילאַטאָרען האָבען ערקלערט, אז קוים זיינען זיי, לויט זייער נאַציאָנאַליטעט, פּאָליאַקען, און נור לויט זייער רעליגיאָן — אידען, דערום איז דאָרט, וואו עס קומט צו א קאַמפּף צווישען דער אידישער נאַציאָנאַליטעט און דער פוילישער, מוזען זיי געהען האַנד אין האַנד מיט די פּאָליאַקען. און דערהויפּט מוזען זיי עס טהון דאָרט, וואו דער קאַמפּף גילט געגען דעם ווילדען, פינסטערען ליטוואַקישען עלעמענט. אמת, די הויפּט־אָנפיהרער פון דעם באָיקאָט, די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטען, האָבען אָפען ערקלערט, אז דער באָיקאָט איז חל אויף אלע אידען, אָהן אונטערשיעד. נו, האָבען זיי זיך געטרייסט: סוף כל סוף וועלען דאָך מנצח זיין די אסימילאַטאָרישע האָפנונגען, פוילישע אידען וועלען זיך אסימילירען, דעמאָלט וועט דער קאַמפּף געגען זיי ממילא אויפהערען... שאַפען וועלכע עס איז „סעפּאַראַטיסטישע" אָרגאַניזאַציעס פון זעלבסט־שוץ, וואָלט זיין א פערראַט געגען פאַטערלאַנד... חסידים זיינען — ווי תמיד — געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די אסימילאַטאָרען. אויך זיי האָבען פיינט די ליטוואַקעס פאַר דער קאָנקורענץ, וואָס זיי מאַכען די פוילישע אידען. הייסען הייסט עס אָבער: די ליטוואַקעס דאַרף מען רודף זיין דערפאַר, וואָס זיי זיינען אפּיקורסים, גלויבען ניט אָן רבי'ן, זיינען נאַציאָנאַליסטען, ציוניסטען, רעוואָלוציאָנערען, זשאַרגאָניסטען, אָדער יודישיסטען, העברעאיסטען, ריידען רוסיש און רייצען אויף די פוילישע בעפעלקערונג, שפּיעלען זיך אין פּאָליטיק — און זיינען ארויסגעטראָטען געגען יענעם קאַנדידאַט, וואָס די פוילישע געזעלשאַפט האָט ארויסגעשטעלט. יאַגעלאָ איז נור א שטיף־קינד פון פוילישען „פאָלק" און זאָ ווייטער א. ז. וו. בכן — איז אָסור לרחם. די „בונדיסטען"... נו, „ווי עס קריסטעלט זיך אזוי אידעלט זיך". אזוי ווי דאָרט, אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זיינען דאָ „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס", אזוי מוזען זיי זיין דאָ אויך. איז ביי יעדער פּראַגע פאַרהאַן צוויי מיינונגען, זיינען די צוויי מיינונגען געווען אויך בנוגע צום באָיקאָט: איין מיינונג איז געווען, אז דער באָיקאָט איז נור א קאַמפּף צווישען דער פוילישער בורזשואזיע און צווישען דער אידישער. איז ער דעם פּראָלעטאַריאַט ניט נוגע, און ער דאַרף זיך אין איהם ניט מישען. דאָס איינציגע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף יאָ טהון, איז — שאַפען אן ארבייטער פּרעסע און... קעמפּפען געגען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם... א צווייטע מיינונג איז געווען, אז דער באָיקאָט איז נוגע דעם גאַנצען אידישען פאָלק, אלע קלאַסען, דירעקט אָדער אינדירעקט, דארום מוז זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט יאָ אריינמישען אין דעם קאַמפּף. אינאיינעם מיט די פוילישע ארבייטער דאַרף מען בעקעמפּפען די שאָווינסטישע געפאַהר, וואָס די באָיקאָט־העצע פערשפּרייט אין לאַנד. נור אזוי ווי דער פוילישער פּראָלעטאַריאַט איז אויך צוברעקעלט; אפילו דער בעוואוסטזיניגער, סאָציאַליסטישער טייל, וועלכער איז צום באָיקאָט ניט צוגעשטאַנען, האָט אויך ניט ארויסגעוויזען קיין בעזונדער קאַמפּפס־לוסטיגקייט בנוגע צום באָיקאָט, איז ממילא קיין שום רעאַלע ארבייט, אין דעם פּרט, ניט געטהאָן געוואָרען. די רייכע פאַבריקאַנטען, אנגראָסיסטען און קאָמיסיאָנערען, וואָס זייער הויפּט־האַנדעל איז מיט רוסלאַנד, זיי האָט דער באָיקאָט ניט אָנגעריהרט, און עס איז דארום אונמעגליך געווען זיי צו צוציהען צו ארבייט געגען באָיקאָט. די געלע אידישע פּרעסע האָט געטהאָן דאָס אייגענע וואָס דער קוטער טהוט אין מאַגאַט מערין: ער וויינט און זינדיגט, וויינט און זינדיגט... זי, די פּרעסע, האָט מיט קולי קולות בעוויינט דעם אידישען חורבן, און לשם קאָנקורענדיגער סענסאַציע האָט זי דעם חורבן פונאַנדערגעבלאָזען, געמאַכט פון א וואָרט א קוואָרט און פון א קערנדל א באַרג. דער „מאָמענט", למשל, האָט א צייט לאַנג געדרוקט לחלוטין אויסגעטראַכטע, ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשות פון באָיקאָט; די „הצפירה" האָט זיך בעמיהט אָנצולעגען וואָס מעהר שווארצע פאַרב אויף יעדען מינדסטען פאַקט. אויסען געווען זיינען זיי אפשר צו וועקען די געשוואָרענע „כלל־טהוער" צו א וועלכער עס איז ארבייט. דער פועל יוצא איז אָבער געווען:

מען האָט אויף יעדען אָנגערוקט א געוואַלדיגע מרה שחורה, געשאַפען א שטימונג פון פערצווייפלונג, אָבגענומען דעם לעצטען טראָפען מוטה און פונאַנדערגעבלאָזען נאָך מעהר דעם האַס צווישען אידען און פּאָליאַקען, אויף מצד די אידען.

איינס איז דאָך געשעהען: לויט דער איניציאַטיווע פון דער פרעסע איז געשאַפען געוואָרען א באָיקאָט־ביוראָ, אָדער א „פרעסע־ביוראָ", וואָס האָט זיך פערנומען מיט באָיקאָט־פראַגען, און געזוכט מיטלען ווי אזוי זיך צו ש י צ ע ן פון באָיקאָט. דאָס ביוראָ איז בעשטאַנען פון פערטרעטער פון דער פרעסע און פון א קליינער גרופּע „כלל־טהוער", וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט'ן באָיקאָט. דער ביודזשעט פון ביוראָ איז בערעכענט געווען אויף צוויי הונדערט רובעל א חודש. א העלפט פון דער סומע האָט געדאַרפט געבען די פרעסע — האָט זי געגעבען, די צווייטע העלפט האָבען געדאַרפט געבען די כלל־טהוער — האָבען זיי א צוויי־דריי חודשים געגעבען, נאָכדעם אויפגעהערט.

פלענער זיינען געווען פערשיעדענע. מען האָט געוואָלט גרינדען א „ביוראָ פאַר געזעלשאַפטליכער ארבייט", אָדער א סטאַטיסטיש־ביוראָ, אויף צו זאַמלען סטאַטיסטיק און אַנדערע מאַטעריאַלען כדי צו בעקומען א גענויע פאָרשטעלונג פונ'ם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון די אידען אין פּוילען. דאָס ביוראָ האָט ניט געקאָנט געשאַפען ווערען. ערשטענס דערפאַר, ווייל די אַדמיניסטראַציע האָט אזאַ ביוראָ ניט געוואָלט לעגאַליזירען און צווייטענס — דאָס וויכטיגסטע — מען האָט געדאַרפט האָבען דערצו עטליכע טויזענד רובעל און זיי זיינען ניט געווען. עס זיינען אפילו פאָרגעקומען א פּאָאר בעראַטונגען מיט לאָדזער מיליאָנערען, וועלכע דער פּלאַן איז זעהר געפעלען געוואָרען, אָן סימפּאַטיעס האָט עס ניט געפעהלט, אָבער צו קיין געלד איז עס ניט געקומען און דער פּלאַן איז בטל געוואָרען. אויף דער הייסער שעה האָט מען געוואָלט גרינדען א „באָיקאָט־קאַסע" אויף צו שטיצען יענע אָרימע אידען, וואָס זיינען רואינירט געוואָרען פון דער באָיקאָט־העצע שוין אליין — ווי גאַסען־הענדלער, בעלי־מלאכות, וואָס האָבען געאַרבייט פאַר קריסטען, קליינע קרעמער אין פּוילישע קוואַרטאַלען א. ד. ג. — אָבער וויעדער די דערמאָהנטע צוויי סבות: די אַדמיניסטראַציע האָט אזאַ קאַסע ניט ערלויבט, און אידישע גבירים האָבען דערויף קיין געלד ניט געגעבען. מען האָט געזאָלט ערפינדען נייע אינדוסטריע־צווייגען, וואָס זאָלען ניט זיין אבהענגיג פונ'ם אינוועניגסטען, פּוילישען מאַרק, און די פאַבריקאַציע זאָל געהן אויף רוסלאַנד. דער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען. אָבער כדי איהם אויסצופיהרען זיינען נויטיג אָדער מיליאָנען פון אויסען, אָדער אַז עטליכע פאַבריקאַנטען, וואָס ארבייטען איצט פאַר פּוילען, זאָלען זיך פעראייניגען און אָנהויבען אויסצואַרבייטען „וואַארע" פאַר'ן רוסלענדישען מאַרק. פערשטעהט זיך, אז די מיליאָנען זיינען ניט געווען. אָבער קיין פעראייניגונגען האָבען אויך ניט געקאָנט צושטאַנד קומען — ווייל ווינד מיט רויך האָט ניט קיין ווערטה פון געלד, און אַלע אידישע קליינע פאַבריקען האַלטען זיך אויף ווינד מיט רויך... אגב זיינען דאָס אזוינע „גרונד־שטיינער", וועלכע דער אייגענטהימער זוכט צו בעהאַלטען, פערדעקען, אזוי אז א זייטיגע אויג זאָל ניט מערקען, אויף וואָס זיינע לופט־שלעסער האַלטען זיך... אזוי איז דער פּלאַן אויך בטל געוואָרען. די פערמעגליכערע, רייכערע אידען, הויז־אייגענטהימער, האָבען זיך בעמיהט צו גרינדען א היפּאָטעקען־באַנק, וואָס זאָל זיי בעפרייען פון דעם פּוילישען היפּאָטעקען־קאַפּיטאַל — ווייל דער איד איז קיין מאָל ניט זיכער, דאָס מאָרגען וועט מען ניט ארויסשטעלען זיין הויז אויף ליציטאַציע. אָבער פאַר אזאַ גרויסער שטאָדט ווי וואַרשוי, וואו 40 פּראָצענט הייזער זיינען אידישע, דאַרף א היפּאָטעקען־באַנק פערמאָגען הונדערטע מיליאָנען. רוסלאַנד האָט ניט אזוינע רייכע ביינק, אויסלאַנד האָט מורא צו קריכען אין פייער, ועל כולם ערלויבט ניט די רעגיערונג קיין אויסלענדישע ביינק צו אפּערירען אין רוסלאַנד. מען האָט געוואָלט, אז דער סוחרים־פעראיין זאָל זיך ווענדען מיט א קאָלעקטיווע ערקלעהרונג צו די אויסלענדישע קאָנסולען אין רוסלאַנד און צו די „האַנדעלס־פּאַלאַטעס" אין אויסלאַנד און בעווייזען, אַז דער באָיקאָט קען ניט שאדען זייערע געשעפטען אין פּוילען דערפאַר, וואָס זיי ליגען אין אידישע הענד — ווייל דער באָיקאָט איז בעצם נור א גיעריגער וואונש פון די אַנטיסעמיטען, דאָס פאָלק אָבער, דער געברויכער, הערט זיך צו איהם ניט צו. דאָס איז אָבער אויך ניט אויסגעפיהרט געוואָרען — ווייל... ווייל עס איז מאוס אויסצוזאָגען, איידער נאָך דער לעצטער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען, האָט שוין דאָס ר ו ב סוחרים אויסגענוצט די „גוטע געלעגענהייט", און רעגולירט די חשבונות מיט די אויסלענדישע פירמעס, ד. ה., זיי האָבען געמאַכט „גליקליכע באַנקראָטען", שטיצענדיג זיך אויף דער באָיקאָט־בעוועגונג... דאָס איינציגע, וואָס די „פרעסע־ביוראָ" האָט אויפגעטהאָן, איז בעשטאַנען אין — „ש ר י י ע ן". מען האָט געבראַכט דערצו, אז די דייטשע פרעסע האָט א צייט־לאַנג פערדאַמט די פּוילישע העצע־מאַכער און דעם פּוילישען באָיקאָט; זי האָט געבראַכט דערצו, אז די ליבעראַלע רוסישע פרעסע האָט געטאַדעלט די פּאָליאַקען פאַר זייער באָיקאָט־פּאָליטיק; דעם ביוראָ האָט מען עס צו פערדאַנקען, וואָס פון דער דומאַ־טריבונע

האָבען די אָפּאָזיציאָנעלע רעדנער אראָבגעריסען די יעזואיטישע מאַסקע פון די פּוילישע פּאָליטיקער און זיי געצוואונגען אָפען זיך צו שטעלען אונטער פורישקעוויטש'עס קאָמאַנדע. די „הייליגקייט" פון דעם קאַמפּף איז אַלזאָ פערשוועכט געוואָרען, דער נאַציאָנאַליזמוס— ענטבלויזט געוואָרען, און דאָס האָט געשאָדט דעם אנזעהן פון דער פּוילישער פּאָליטיק אין די אויגען פון גאַנץ אייראָפּאַ. דער מעמאָראַנדום, וואָס דאָס ביוראָ האָט פונאַנדערגעשיקט אין אַלע אייראָפּעאישע פּאַרלאַמענטען און צו איינצעלנע אָנגעזעהענע פּערזאָנען, האָט געווירקט אזוי ווייט, אז דער אַלטער אַנטיסעמיט, פירסט מעשטשערסקי, איז אין זיין „גראַזשדאַנין" שאַרף ארויסגעטראָטען געגען דער פּוילישער העצע. מעשטשערסקי'ס אַרטיקעל האָט געבראַכט דערצו, אז דער וואַרשוי'ער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז פ ו ן א ו י ב ע ן געצוואונגען געוועזען צו פערבאָטען די פרעכע באָיקאָט־העצע אין דער עפענטליכקייט.

דאָס איז וועניג, אָבער דאָס איז אַ ל ץ*), וואָס עס איז פון אידישער זייט געטהאָן געוואָרען, כדי זיך צו שיצען געגען דעם באָיקאָט.

.6

דער גרויסער חלוק צווישען די צוויי קעמפּפענדע לאַגערן איז גענוג קלאָר. די פּאָליאַקען זיינען שטאַרק מיט אָרגאַניזאַציע, מיט געלד, מיט איניציאַטיווע, מיט דער גאַנצער סימפּאַטיע פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט און די אידען האָבען פון דעם אַלעם ג אָ ר נ י ט. און נאָך איינס: די פּאָליאַקען שיצען זיך אויף א היסטאָריש־נויטווענדיגען פּראָצעס: זיי זיינען אין דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון זייער ווירטשאַפטס־לעבען געקומען צו דעם מאָמענט, ווען עס מוז זיך ענטוויקלען א פּוילישער מיטעל־שטאַנד. די נויטיגע קרעפטען צום וואַקסען ציהט ער פון ב אָ ד ע ן, וועלכער ליעגט אין גאַנצען אין פּוילישע הענד, און פון א ו י ב ע ן, פון אַלע פּוילישע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. ער געפינט אויף שטיצע אין דעם איצטיגען, פּאָליטיש־רעאַקציאָנערען רעזשים. דער איד קאָן זיך שטיצען נור אויף דער האָפנונג, וואָס אָט דער פּאָליטישער רעזשים וועט זיך סוף כל סוף ענדיגען. ביי א רעכטס־אָרדנונג, וועלען זיך די פּאָליאַקען ניט קאָנען בענוצען מיט קיין ברוטאַלע מאַכט־מיטלען. די אָנפיהרער פון דער פּוילישער פּאָליטיק וועלען זיין אַ נ ד ע ר ע מענשען, דער שאָוויניזם וועט אָבגעשוואַכט ווערען, דאָס בעוואוסטזיין וועט געלייטערט ווערען און דער פּאָליאַק וועט איינזעהן, אז דאָס אויפבליהען פון לאַנד איז א גליק פאַר אַלעמען — קיין חלוק ניט צי אין דער בליהונג ליעגט אידישע ענערגיע צי פּוילישע. דאַן וועט דער נאַציאָנאַלער האַס אויפהערען. די רייבונגען אויפ'ן קולטורעלען געביעט וועלען פערשוואונדען ווערען און אידען מיט פּאָליאַקען וועלען צוזאַמען לעבען און צוזאַמען אַרבייטען.

דאָס איז אָבער אַלץ צוקונפטס־מוזיק. קיין חלוק ניט צי מוזיק פון א ווייטער צוקונפט צי פון א נאָהענטער...

אָבער א י צ ט, ביי די איצטיגע בעדינגונגען, ביי די איצטיגע שטימונגען און ביי דער איצטיגער פּאָליטישער לאַגע זיינען די פּאָליאַקען שטאַרקער פון די אידען און זיי קעמפּפען מיט ערפאָלג.

אמת, ניט אין אַלץ, וואָס זיי טהוען, זיינען זיי מנצח. איינינע אונטערנעהמונגען זייערע האָבען געפּלאַצט, איינינע לייה־קאַסעס באַנקראָטירט, עטליכע קאָאָפּעראַטיווען האָבען זיך פערמאַכט, די אויסלענדישע פירמעס האָבען זיי פון אידישע הענד נאָך נ י ט ארויסגענומען, מיט רוסלאַנד האָבען זיי קיין דירעקטע געשעפטס־פערבינדונגען ניט געמאַכט — אָבער דאָס אַלץ ערקלעהרט זיך דערמיט, וואָס דער פּאָליאַק איז נאָך ניט קיין געניטער סוחר. די ערפאַהרונג קומט ערשט מיט דער צייט. אָבער אויך איצט שוין זיינען ניט וועניג אידישע פעסטונגען צושטערט געוואָרען.

די אַסימיליאַטאָרען האָבען געמאַכט אַן אַנקעטע אין איין אידיש שטעדטעל. האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאָס שטעדטעל איז פאַר די לעצטע אָנדערהאַלבען יאָהר פון באָיקאָט אזוי רואינירט געוואָרען, אַז דער דלות איז דאָרט אזוי אונגעהויער גרוים, דאָס אַפילו די פּוילישע באָיקאָט־פּרעסע האָט ניט געקאָנט בלייבען דערביי גלייכגילטיג. גאַנצע פאַמיליעס לעבען מיט 4-5 גילדען א וואָך, פיעל זיינען די לעצטע צייט געבליעבען גאָר אָהן בעשעפטיגונג און קומען צו צו די מחנות ארבייטסלאָזע, אָדער צו אַרבייט־אונפעהיגע אין די גרעסערע שטעדט.

---

*) צו די שוץ־מיטעל, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען געגען באָיקאָט, רעכענען די אידיש־פּוילישע כלל־טהוער אויך די אידיש־פּוילישע צייטונג: „פּשעגלאַנד צאָדזענני", וואָס איז געשאַפען געוואָרען, כדי צו קעמפּפען געגען באָיקאָט. דאָס איז אָבער נור א בלענדעניש. דאָס אָרגאַן האָבען געשאַפען די ציוניסטען ווי אַ סינעקורע פאַר איינעם אַ ליוויטישען „אידעם", וועלכער האָט פאַר'ן באָיקאָט געאַרבייט אין א פּוילישער, קאָנסערוואַטיווער צייטונג, און בעת'ן באָיקאָט איז ער געבליבען אָהן אַרבייט. די צייטונג האָט איהר ציעל ניט דערגרייכט — ווייל געשריעבען האָט מען דאָרט ווי פאַר פּאָליאַקען, און געלייענט האָבען זי בלויז אידען. זי האָט איינגעשלונגען עטליכע צעהנדליגע טויזענד רובעל, איצט האַלט זי ביים אונטערגעהן.

דער מאַרק איז חרב געוואָרען: ביים אידען לאָזט מען ניט קויפען, ביים פּאָליאַק איז אַלץ טייערער און ניט אַלץ איז פאַראַן, וואָס דער פּויער האָט נויטיג, קומט ער גאָר ניט אין מאַרק אריין. די אידישע „געשעפטען" פערמאַכען זיך איינער נאָכ'ן אַנדערען און מען צולויפט. די הייזער בלייבען ליידיג, אויף גאָטס־בעראָט (וואָס זיינען די הילצערנע חורבות ווערטה?) און דאָס גאַנצע שטעדטעל זעהט אויס, ווי א ישוב, דורך וועלכען אַן אַרמעע האָטענטאָטען איז דורכגעגאַנגען.

די אידען אין די דערפער געפינען זיך נאָך אין אַן ערגערער לאַגע. אין שטעדטעל שטאַרבט אָב דאָס לעבען ביסלעכווייז, לאַנגזאַם געהט אויס די חיונה, דאָך האָט דער איד וואו זיין קאָפּ אַוועקצולעגען, כל זמן עס בלייבט נאָך א שטראַהל האָפנונג אויף חיונה. אין דאָרף אָבער איז דער איד אפילו קיין איינציגען טאָג ניט זיכער מיט זיין רוה; מיט געוואַלד רייסט מען איהם ארויס פון דעם אָרט, וואו ער האָט צעהנדליגער יאָהרען געלעבט און, אָפט, אפילו געבוירען געוואָרען. און דאָ העלפט ניט קיין משפּט'ן זיך — ווייל דער ריכטער איז אויך א פּאָליאַק, און 99 פון הונדערט ריכטער זיינען אַנטיסעמיטען און באָיקאָטיסטען. א חוץ דעם איז דער דאָרפס־איד ניט זיכער, אז מען וועט ניט מאַכען פון זיין שטוב אַן אַוטא־דאַ־פע, אויף וועלכער ער מיט זיין פאַמיליע וועלען זיין די קרבנות; אז מען וועט איהם ניט פלוצלונג מאַכען א בלוט־בלבול; אַז מען וועט איהם ניט אַריינשטעכען א מעסער אין האַרצען. א. ד. ג. אַלץ זאַכען, וואָס די פּאָליאַקען ערלויבען זיך, בנוגע צו אידען, זעהר אָפט, און קיין מאָל איז קיין ריכטער ניטאָ, אפילו ווען א קלאָגער איז יאָ פאַראַן...

אין די גרויסע און מיטעלע שטעדט — ווי וואַרשוי, לאָדז, לובלין און אַנדערע — זעהט מען ניט אזוי ב ח ו ש דעם ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ן באָיקאָט, ווייל אויף הונדערטע ליידענדע זיינען דאָ ניין הונדערט, וואָס ליידען ניט, דערפאַר זעהט מען און מען פיהלט דעם מאָראַלישען באָיקאָט גאַנץ שטאַרק — ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען אין ערשטען קאַפּיטעל.

ביי אַזאַ לאַגע אין דער געגענוואַרט, זיינען די אויסזיכטען אויף דער צוקונפט אויך ניט גלענצענד. אדרבא, פאַראַן אויסזיכטען, אז די באָיקאָטיסטישע עלעמענטען, זאָלען זיך פערמעהרען. א פּאָאר ביישפּיעלען: איצט איז דאָ א גאַנץ קליינע אָרגאַניזאַציע פון פויערים, וועלכע שטיצט ניט דעם באָיקאָט און איז רעוואָלוציאָנער געגען דעם קאַטוילישען קלירוס. אָט די פויערים זעהען איין, אַז דער „באָיקאָט" גילט נור ווי א „שפּרוך" אין מויל פון די באָיקאָטיסטען, וועלכער גילט ווי א סגולה צונויפצושאַרען דאָס גאָלד אין די טאַשען פון דער פּוילישער בורזשואַזיע. דאָס גאָלד — וואָס דער פּויער אין דאָרף און דער אַרבייטער אין שטאָדט שמידען מיט זייער שווייס. וואו גאָלד — דאָרט פּאָליטישע מאַכט, וועלכע וועט אָנגעווענדעט ווערען ג ע ג ע ן די אַרבייטענדע מאַסען אין שטאָדט און אין דאָרף. שוין איצט, אויפ'ן ו ו ע ג צו פּאָליטישער הערשאַפט, האָט עס די בורזשואַזע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטיע פערשטאַנען, פון דעם גאַנצען פּוילישען פויערטום צוצולאָזען נור איין איינציגען פויער — אי דאָס א שוואַרצען — אלס דעפּוטאַט אין דומאַ אריין. דאָס געזעץ וועגען די זעלבסטפערוואַלטונגען אין די פּוילישע שטעדט האָבען אָט די „בורזשואַזע יעגער" אזוי ארומגעאַרבייט, אַז דער ווייניג בעמיטעלטער איינוואָהנער — פון אַרבייטער שוין גאָר ניט צו ריידען — האָט לחלוטין קיין וואַהל־רעכט ניט. ווען ניט די וואַרשויער א י ד ע ן, וואָלט די פּוילישע אַרבייטערשאַפט אויך איצט ניט געהאַט קיין פאַרטרעטער אין דומאַ. דאָס פערשטעהען די אָרגאַניזירטע פויערים, דאָס פערשטעהט אויך דער בעוואוסטזיניגער אַרבייטער.

אָבער דער פויער בלייבט דאָך פּאַסיוו. אין רוסלאַנד טרעפט עס, אז פויערים זיינען זיך משתדל מען זאָל פון א דאָרף מאַכען א שטאָדט מיט'ן מאָטיוו: די אידען זאָלען דאָרט קאָנען בלייבען וואוינען; אָדער זיי זיינען זיך סתם משתדל, אַז מען זאָל די אידען ניט ארויסטרייבען פון זייערע דערפער. אין פּוילען איז נאָך אַזאַ פאַל ניט געווען. אַליין טרייבט ער דעם אידען ניט. טרייבען איהם אָבער אַנדערע — בלייבט ער גלייכגילטיג. וועט דער פּוילישער באָיקאָטיסט פ ע ר נ ע ה מ ע ן דעם אידענס פּלאַץ אין האַנדעל און מלאכה, וועט ער זיך ניט מצער זיין... און וועט אינדירעקט און ניט ווילענדיג שוין שטאַרקען דעם באָיקאָטיסטישען לאַגער... דאָס אייגענע איז מיט'ן בעוואוסטזיניגען אַרבייטער. פּ ר י נ צ י פּ י ע ל זיינען די בעוואוסטזיניגע אַרבייטער ג ע ג ע ן באָיקאָט, אָבער זיי אַליין, אין די מעכאַנישע וועב־פאַבריקען, באָיקאָטירען דעם אידישען אַרבייטער שוין פון כמה יאָהרען.

מוז מען האָבען אין אויסזיכט דעם פּאָליטישען מאָמענט, וועגען וועלכען איך האָב שוין פריהער גערעדט. זיינען אָבער די פּוילישע אידען פּאָליטיש אזוי ניט ענטוויקעלט, קולטורעל אזוי פערוואָהרלאָזט, אז זיי הויבען ניט אָן צו בעגרייפען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דעם שוואַרץ־מאַה'דיגען קורס אין פּעטערבורג און צווישען דער באָיקאָט־העצע אין וואַרשוי. זיי פערשטעהען אויף קיין פאַל ניט, פאַרוואָס זאָל דאָס אזוי זיין, אַז ווען מיליוקאָוו, למשל, זאָל קומען צו פּאָליטישער מאַכט, וועט דמאָווסקי מ ו ז ע ן ווערען אויס דיריזשאָר אין דער פּוילישער פּאָליטיק.

און אונזער טעגליכע פרעסע שטעהט פא־ליטיש אויף דער זעלבער הויך ווי איהרע לע־זער. די „פאליטיק" איז איהר לאנגוויילינ, ניט־אינטערעסאנט און א פשיטא שוין ניט סענסאציאנעל, שפייט מען אויף איהר...

אט אזוי שטעהט פאר אונז די צוקונפט פון די אידען אין פוילען ווי א ווייסער לייוענד. די געשיכטע האט אנגעשריעבען אויף איהם איהרע בעוואוסטע:

„מנא, מנא תקל ופרסין".

און איך געהער, ליידער, ניט צו יענע כשוף־מאכער און ניט צו יענע נביאים, וואס זאלען פאראויס ב ע ש ט י מ ט וויסען דעם בעשייד פון דער אויפשריפט...

יוסף יפה

דעם שליאכטשיטש'עם דאנק

א מעשה פון אלטע און נייע צייטען

די מעשה, מיין קינד, איז אין פוילען געשעהן:
אמאל איז אן אכזר א שליאכטשיטש געוועז, —
א פוסטער בעל גאוה, אהן מאכט אין דער האנד,
א טיפישער קדיש פון פוילישען לאנד.
און אין א מלחמה האט גראד זיך געמאכט
אז ער האט פערלארען א פוס אין א שלאכט;
ער ליעגט אין א וועלדעל גאנץ איינער אליין,
און קרעכצט „יעשטשא פאלשא..." און קען מעהר נישט געהן.

געוואהנט האט א אידעל נאהענט איבערן וועג,
אן ארימער סטאליער מיט הובעל און זעג;
ער האט איהם אין וועלדעל געפונען ביינאכט,
ער האט איהם צו זיך אין זיין שטיבעל געבראכט,
ער האט איהם די וואונדען פערבונדען בעזאכט —
און נאכדעם א האלצערנע פוס איהם געמאכט.

דער שליאכטשיטש שטעהט אויף א געזונדער פון באנק,
און געהט פון דעם צימער און זאגט ניט קיין דאנק.

עס בעט זיך דאס אידעל: „איך בין איצט אין נויט,
און דו האסט א ראנעץ א פולען מיט ברויט,
לאז איבער א שטיק מיר צום עסען פאר היינט,
און לאמיר אונז שיידען ווי עהרליכע פריינד".
דער אכזר דער שליאכטשיטש דעם אידען קוקט אן,
און זאגט מיט א שפאטישען, ציניישען טאן:
„איך וועל דיר בעצאהלען, עס וויל נישט אומזיסט
קיין טובות פון אידען אן עהרליכער קריסט!"

ער קעהרט זיך אום שנעל צו דעם אידען צוריק,
און גיט מיט'ן האלצערנעם פוס איהם א בריק.

מ. פאוולאָוויטש

א העכסט וויכטיגער געהיימער דאקומענט

פון באראָן ראָזען, געוועזענעם רוסישען געזאנדטען אין יאפאן, פעראייניגטע שטאאטען און סערביען און איצט מיטגליעד פון גאָסודארסטווענני סאָוועט.

די רוסישע געזעלשאפט איז אזוי פערשלונגען געווען מיט דעם ביילים פראצעס, דאָס זי האָט פאר א שטיק צייט פערלאָרען דעם אינטערעס צו די פראגען פון אויסלענדישער פאליטיק. א דאנק דעם האָט די רוסישע פרעסע, מיט דער אויסנאהמע פון איין „נאָוואָיע ווערעמיא“, דורכגעלאָזען אונבעמערקט א זעהר וויכטיגען דאָקומענט. מיר מיינען דאָ די געהיימע שריפט פון באראָן ראָזען וועגען דער רוסישער אויסלענדישער פאליטיק.

דאָס איז א שריפט פון גרויסער פאליטישער בעדייטונג. זי איז אָבגעדרוקט געוואָרען בלויז אין עטליכע צעהנדליג עקזעמפּליארען און איז פערשפּרייט געוואָרען שטרענג קאָנפידענציעל — אין דער פאָרם פון לויזע, ניט־געבונדענע בלעטער, און זי איז אויך צוגעשטעלט געוואָרען דעם קייזער, וועלכער האָט איהר זעהר אויפמערקזאם געלעזען.

אויף דעם דאָקומענט איז פאראן דער שטעמפּעל פון דער שטאאטס־דרוקעריי פון 20 אפּריל־9 מאי, 1913. הייסט עס, אז פערפאסט איז ער געוואָרען נאָך גאָר ניט לאנג צוריק. דער נאָמען פון דעם פערפאסער איז ניט אָנגעגעבען.

די איינציגע רוסישע צייטונג — די „נאָוואָיע ווערעמיא“ — וועלכע האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דעם דאָקומענט אין א זעהר פאָרזיכטיג און דונקעל געשריעבענעם ארטיקעל פון 24טען סעפּטעמבער, מיידט אויס צו דערמאָהנען דעם נאָמען פון דעם פערפאסער. פאר אונז איז אָבער זעהר וויכטיג פעסטצושטעלען די פּערזאָן פון דעם פערפאסער, ווייל דער דאָקומענט איז פון גרעסטער היסטאָרישער וויכטיגקייט. די צוקינפטיגע היסטאָריקער פון דער רוסישע אויסלענדישער פּאָליטיק וועלען ניט איינמאָל זיך מוזען ווענדען צו איהם נאָך אינפאָרמאציאָנען און אָנווייזונגען. צום גליק, איז פאר א געניטען מענשען לייכט צו ענטדעקען פון דעם דאָקומענט גופא ווער דער פערפאסער איז. דאָ און דאָרט רעדט דער פערפאסער — דעם אָריגינעלען טעקסט האָבען מיר געהאט פאר אונזערע אויגען — וועגען דעם אָדער יענעם העכערען פּאָסטען, וואָס ער האָט פערנומען אין פערלויף פון זיין לאנג־יעהריגער דיפּלאָמאטישער קאריערע; וועגען דער אָדער יענער אָפיציעלער געשעהענים, וואו ער איז געווען אנטיילנעהמער. אזוי ארום איז לייכט צו דערגעהן ווער דער פערפאסער איז. עס קומט אויס, ווי דער פערפאסער אליין וואָלט זיך געחתמ׳עט: איך, באראָן ראָזען, געוועזענער דיפּלאָמאטישער פאָרשטעהער פון רוסלאנד אין בעלגראד און טאָקיא, געזאנדטער אין וואשינגטאָן, די רעכטע האנד פון וויטטע ביים שליסען דעם רוסיש־יאפאנישען פריעדען אין פּאָרטסמוט, און איצט מיטגליעד פון גאָסודארסטווענני סאָוועט.

די שריפט בעשעפטיגט זיך מיט דער גרויסער פּראָבלעם: וואוהין זאָל זיך ווענדען די ערָאבערונגס־פּאָליטיק פון דעם רוסישען אימפּעריאליזם — צום נאָהענטען מזרח אָדער צום ווייטען מזרח? דאָס זיינען צוויי בעזונדערע שטאנדפּונקטען, וועלכע האָבען גאָר נישט געמיינזאמעס צווישען זיך. נאָך מעהר: איינער געהט להיפוך פון דעם אנדערן. דאָך האָט די רוסישע דיפּלאָמאטיע געזוכט זיי ביידע צו פעראייניגען — זי האָט געזוכט צו פערנעהמען דעם מיטעל וועג צווישען די ביידע שטרעמונגען פון דעם רוסישען אימפּעריאליסטישען געדאנק. לויט איין שטאנדפּונקט ליעגט דער צענטער פון אלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסען פון רוסלאנד אין איירָאפּא און, הויפּטזעכליך, אויפ׳ן באלקאנישען האלב־אינזעל; לויט דעם צווייטען שטאנדפּונקט — דארף די גאנצע ערָאבערונגס־ענערגיע פון רוסלאנד אָנגעווענדעט זיין אויף אזיען — אויפ׳ן ווייטען און מיטעל־מזרח — פּערסיען, כינא, טיבעט, מאנדזשוריען . . .

פאר וועלכען מזרח שטעהט באראָן ראָזען — פאר׳ן נאָהענטען אָדער פאר׳ן ווייטען? — וואוהין דארף נאָך זיין מיינונג געריכטעט זיין די רוסישע ערָאבערונגס־פּאָליטיק? אויף דעם ענטפערט דער געוועזענער רוסישער דיפּלאָמאט גאנץ ענטשיעדען: רוסלאנד דארף איין

מאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָבזאָגען, צוליעב איהרע ווירקליכע, רעאַלע אינטערעסען, — פון דער זאָגענאַנטער „פאַנסלאַווישער אידעע" (ד. ה. פון דער פאָליטיק, וועלכע שטעלט זיך דעם ציעל צו זאַמלען אַלע סלאַווישע פעלקער, און פריהער פון אַלץ די וואָס וואוינען אויף די באַלקאַנען, אונטער די פליגלען פון רוסישען אדלער). רוסלאַנד דאַרף אָוועקשענקען איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צו אַזיען. באַראָן ראָזען בעווייזט, אז דאָס קאָקעטירען פון די רוסישע דיפלאָמאַטען מיט דער „היסטאָרישער סלאַווישער מיסיאָן" האָט רוסלאַנד מעהר ווי ענטטוישונגען ניט געבראַכט. „ניט עטוואָס אַנדערש, ווי נור די פאָליטיק — זאָגט ראָזען — האָט אונז געבראַכט צו דער מלחמה מיט טערקיי אין 1877-1878, — די מלחמה, וואָס האָט אונז צוקריגט מיט אַלע אייראָפעאישע מלוכות. דאָס האָט זיך קלאָר ארויסגעשטעלט אויפ'ן בערלינער קאָנגרעס, וואו אונזער פריעדענס אָבמאַך מיט טערקיי איז נאָך אַמאָל רעווידירט געוואָרען. דיזעלבע פאָליטיק האָט א סוף געמאַכט צו אונזער פריהעריגע גוטע בעציהונגען מיט אונזער שכנ'טע דייטשלאַנד; זי האָט געפיהרט דערצו, אז דער „בונד פון די קייזאָרים" (פון רוסישען, עסטרייכישען און דייטשען) זאָל צוריסען ווערען — דער בונד, וועלכער האָט אונז גאַראַנטירט פאָלקאָמען זיכערהייט אויף די אייראָפעאישע גרענעצען. און טאַקע אויך דיזעלבע פאָליטיק האָט אונז ענדליך געטריבען צו דעם בונד מיט דעם רעפובליקאַנישען פראַנקרייך און אין לעצטען סך הכל איז זי אויך די אורזאַכע געווען פון אונזער מלחמה מיט יאפאַן און פון אונזערע שרעקליכע מפלות אויף די פעלדער פון מאַדזשוריען. ווארום ווען ניט דער בונד מיט פראַנקרייך, וואָלט ניט געקומען צו קיין אנגעשטרענגטע בעציהונגען מיט דייטשלאַנד, און רוסלאַנד וואָלט געקענט צוזאַמענעהמען און צונויפציהען אַ ל ע איהרע מיליטערישע קרעפטען אויפ'ן ווייטען מזרח: דאָס וואָלט אונז בעוואָרענט געגען אן איבערפאַל פון יאפאַן, און ווען עס וואָלט שוין יאָ געקומען צו אַ מלחמה — וואָלטען מיר זיכער געזיעגט. דאָס זיינען די רעזולטאַטען פון אונזער אויסערליכער פאָליטיק, פון אונזער „פאַנסלאַוויזם" פאַר די לעצטע 37 יאָהר".

און אין אונזער אינערליכער פאָליטיק זיינען די רעזולטאַטען פון דער פאַנסלאַוויסטישער פאַנטאַזיע געווען נאָך טרויעריגער: די ניהיליסטישע בעוועגונג פון 1877-1886, די ערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, די רעוואָלוציאָנערע פאַסירונגען פון די יאָהרען 1905-1906 — דאָס אַלץ איז געווען, לויט באַראָן ראָזען'ס מיינונג, דער אומגליקליכער, אָבער אונפערמיידליכער רעזולטאַט פון דער ניט געראָטענער אויסערליכער פאָליטיק, וועלכע האָט אַלץ אין אויג געהאַט דעם נאָהענטען מזרח. דאָס איז די בעלוינונג, וואָס רוסלאַנד האָט בעקומען פאַר איהר 40-יעהריגען בוקען זיך צום פאַנסלאַוויסטישען אָבגאָט. דער פאָעטישער חלום פון די רוסישע אימפעריאַליסטען; וועגען יענער אידעאַלער צוקונפט, ווען „אַלע סלאַווישע טייכלאַך וועלען זיך צוזאַמענגיסען אין רוסישען ים", איז ניט מעהר ווי אַ פוסטע פאַנטאַזיע. ראָזען האַלט, אז רוסלאַנד נויטיגט זיך ניט אין דער סלאַווישער וועלט, פונקט אזוי, ווי דאָס סלאַווענטום נויטיגט זיך ניט אין רוסלאַנד. ער גלויבט ניט, אז אין די הערצער פון די עסטרייכישע סלאַווען, צ. ב. ש., זאָל לעבען אַן אייביגע, גרויסע און הייסע סימפאַטיע צו רוסלאַנד, און ער זוכט צו בעווייזען, אז דאָס, וואָס די עסטרייכישע סלאַווען הויבען אָן פון צייט צו צייט שיטען מיט קאָמפלימענטען אויפ'ן חשבון פון רוסלאַנד, איז דאָס נור א דיפלאָמאַטישער קונץ: מען שרעקט די עסטרייכישע רעגיערונג מיט'ן טייוועל פון פאַנסלאַוויזם, אום ארויסצוקריגען פון איהר די געווינשטע נאָכגעבונגען.

רעזומירענדיג אַלע זיינע אַרגומענטען, קומט באַראָן ראָזען צום שלוס, אז די פאַנסלאַוויסטישע טרוימערייען מאַכען דעם נאָהענטען מזרח פאַר דעם מיטעלפונקט פון דער רוסישער אויסערליכער פאָליטיק און שטעלען רוסלאַנד אין א געפאַהר אריינגעשלעפט צו ווערען אין אַן אייראָפעאישער מלחמה; עס שטערט אויך רוסלאַנד צוריק צו געווינען די פערלאָרענע פאָזיציעס אין אַזיען, — די פאָזיציעס, וועלכע רוסלאַנד האָט פערלאָרען טאַקע א דאַנק דעם, וואָס די רוסישע דיפלאָמאַטען האָבען אויף א נאַרישען אופן זיך פער'שכור'ט מיט אייראָפעאישע פאָליטיק-שפיעל, מיט אַלערליי דריילינג-אָבמאַכען (ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד) און צווילינג בונדען (רוסלאַנד און פראַנקרייך).

און באַראָן ראָזען אַרגומענטירט ווייטער: „רוסלאַנד מוז אויפגעבען א י י ר אָ פ ע א י ש ע פאָליטיק. רוסלאַנד דאַרף צורייסען דעם בונד מיט פראַנקרייך, דעם אָבמאַך מיט ענגלאַנד, ווייל דיזע קאָמבינאַציעס ברענגען קיין שום פראַקטישע נוצען ניט פאַר'ן אימפעריאַליסטישען רוסלאַנד. די איינציגע פאָליטישע קאָמבינאַציע, וועלכע וואָלט זיך געלוינט פאַר רוסלאַנד, איז א פאָלשטענדיגער אָבמאַך, אָדער בעסער, — א בונד מיט דייטשלאַנד און עסטרייך". און באַראָן ראָזען ווייזט אָן אויף די גרויסע געפאַהר פון די איצטיגע אונפריינדליכע בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד. ער געפינט אז די איצטיגע לאַגע פון דייטשלאַנד איז זעהר ענליך צו דער לאַגע פון יאפאַן ערב דער מלחמה. „אזוי ווי יאפאַן

האָט גע׳פּועל׳ט ביי זיך צו צורייסען מיט רוסלאַנד, נאָכדעם ווי זי האָט זיך איבערצייגט, אַז זי קען בשום אופן ניט קומען מיט איהר צו אַן אויסגלייכונג, ווי זי האָט עס פאָרגעלעגט אין יאָהר 1898; אַזוי וועט אויך דייטשלאַנד זיך ניט אָבשטעלען דערפאַר און וועט נאָכטהאָן יאַפּאַן׳ס ביישפּיעל און ערקלעהרען קריעג רוסלאַנד, ווי נור עס וועט זיך אַרויסשטעלען, אַז אַן אָבמאַך מיט רוסלאַנד איז אַבסאָלוט אונמעגליך".

באַראָן ראָזען ווייזט אויך אָן אויף די גרויסע געפאַהרען פון דער איצטיגער אָנגעשטריינגטער פּאָליטישער לאַגע: דער פיבערישער וואוקס פון די בעוואַפנונגען, די וואַקסענדע שטייערן לאַסט, וועלכע דערשטיקט ממש די בעפעלקערונג אין רוסלאַנד, די אויפלעבונג פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וואָס וואַרפט זיך אַלעמען אין די אויגען, און באַראָן ראָזען שלאָגט פאָר פאָלגענדע פּראָגראַם פאַר דער רוסישער אויסערליכער פּאָליטיק.

1) רוסלאַנד דאַרף זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָבזאָגען פון דער „גרויסער סלאַווישער אידעע" — פון דער איינבילדונג, אַז רוסלאַנד איז בערופען צו פעראייניגען אַלע סלאַווען און צו מאַכען זיי אַלעמען פאַר רוסען;

2) רוסלאַנד דאַרף אַנערקענען פאַר געזעצליך דאָס, וואָס עסטרייך רוקט זיך אויף די באַלקאַנען אַלץ צו דרום, און ניט שטעלען זיך עסטרייך אין וועג;

3) רוסלאַנד דאַרף זיך אָבזאָגען פון דעם לאַנגאָניגען געהיימען פערלאַנג צו פערכאַפּען קאָנסטאַנטינאָפּאָל;

4) רוסלאַנד דאַרף זיך אָבזאָגען פון דעם פראַנקאָ־רוסישען אָבמאַך און אַריינגעהן אין אַ פאָלשטענדיגען אָבמאַך מיט דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן.

„ערשט דעמאָלט — זאָגט ווייטער באַראָן ראָזען — ווען דיעזע פּראָגראַם וועט דורכגעפיהרט ווערען, און רוסלאַנד וועט זיין פאָלקאָם זיכער אויף די אייראָפּעאישע גרענעצען, וועט די רוסישע רעגיערונג קענען קאָנצענטרירען איהרע גראַנדיעזע מיליטערישע קרעפטען אין אַזיען; רוסלאַנד וועט קענען פונאַנדערוויקלען אין איהר פולער מאַכט און פּראַכט די אַזיאַטישע פּאָליטיק. די ג ר ו י ס ע אַ ז י אַ ט י ש ע א י ד ע ע וועט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון ד ע ר ג ר ו י ס ע ר ס ל אַ ו ו י ש ע ר א י ד ע ע און איהר ערפאָלג וועט זיין פיעל גרעסער. דיעזע אידעע איז בערופען צו ווערען דער וועגווייזענדער שטערן פון אונזער צוקינפטיגער אויסערליכער פּאָליטיק".

* * *

דער דאָקומענט, וועלכען מיר האָבען אויבען ציטירט, איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס ער צייגט אָן, בעשטימט און ענטשיעדען, אויף אַ נייע שטימונג אין די הערשענדע קרייזען אין רוסלאַנד. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט גענעראַל קוראָפּאַטקין, דער געוועזענער קריעגס־מיניסטער און הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, געהאַלטען אַ פאָרטראַג אין פעטערבורג אויף אַ פערמאַכטער פערזאַמלונג, פאַר אַן אויסערוועהלטען פובליקום, און ער איז געקומען צו דיזעלביגע שליסע, ווי באַראָן ראָזען — אַז רוסלאַנד דאַרף איבערלאָזען די באַלקאַנישע סלאַווען צו זייער אייגענעם שיקזאַל און אַליין זיך פערנעהמען, אויסשליסליך, מיט אַזיען און ספּעציעל מיט׳ן ווייטען מזרח. „און אום צו פערווירקליכען דיזע פּרוכטבאַרע פּראָגראַם — האָט קוראָפּאַטקין ווייטער אָנגעוויזען — „דאַרפען מיר בעקומען פרייע הענד אין אייראָפּא, דאַרפען מיר בעקומען די פולע פרייהייט צו בענוצען זיך מיט אַלע אונזערע מיליטערישע קרעפטען אין פאַל פון אַ נייעם צוזאַמענשטויס אין אַזיען; דערצו מוזען מיר אונבעדינגט אויסגלייכען זיך מיט דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן אין בעצוג צו אַלע אייראָפּעאישע פראַגען; מיר מוזען מיט דיזע מלוכות שליסען אַ ריכטיגען בונד".

אויך פירסט מעשטשערסקי און פיעלע אַנדערע פערזאָנען שטעהען אויפ׳ן שטאַנדפונקט, אַז פאַר רוסלאַנד איז, ערשטענס, אונבעדינגט נויטיג אָבצוזאָגען זיך פון דער ביזאיצטיגער פּאָליטיק אויפ׳ן נאָהענטען מזרח, און, צווייטענס, העכסט ווינשענסווערטה צו קומען צו אַ פולער איינפערשטענדניס מיט דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן.

הייסט עס, אַז די אַלטע רוסישע פּאָליטיק, וועלכע האָט געזוכט צו אַטאַקירען אויף צוויי פראָנטען — אי אייראָפּא, אי אַזיען, אי דעם נאָהענטען און אי דעם ווייטען מזרח — זאָל אויסגעביטען ווערען אויף אַ נייע פּאָליטיק, וואָס זאָל זוכען צו אַטאַקירען בלויז אויף איין פראָנט — בלויז אַזיען, בלויז דעם ווייטען מזרח. וועלען אָבער די פאָלקס־מאַסען אין רוסלאַנד דערפון עפּעס געווינען? וועט דער אַלוועלטליכער פריעדען דערפון עפּעס געווינען?

פערשטעהט זיך, ניט דער אַלוועלטליכער פריעדען, ניט די רוסישע פאָלקס־מאַסען וועלען דערפון עפּעס געווינען. די נייע פּלענער פון די אַזיאַטישע אימפּעריאַליסטען אין רוסלאַנד קענען נור פיהרען צו נייע מלחמות און צו נייע אומגליקען.

דאָס וואָס מיר לעזען אין באַראָן ראָזענ׳ס געהיימען דאָקומענט, איז די פּראָגראַם פון די אַזיאַטישע אימפּעריאַליסטען, — און פון איהר זעהען מיר, אַז זיי חלומ׳ען צו פערכאַפּען מאַנדזשוריאַ, מאָנגאָליאַ, טיבעט, פערסיען; אַז זיי חלומ׳ען זאָגאַר ווען עס איז צו פערכאַ־

פּען כינאַ, און אויך אינדיען. עס איז קלאָר, די דורכפיהרונג פון אַזאַ גראַנדיעזער פּראגראַם איז ניט פאַר רוסלאַנד׳ס כוחות, מעגען אויך די אימפּעריאַליסטען — באַראָן ראָזען און זיין גלייכען — זיך צורייסען זינגענדיג לויב־ליעדער דער „אונבעגרענצטער מאַכט פון רוסישען ריעזן״. אַן ענערגישע רוסישע פּאָליטיק אין אַזיען, לויט דעם פּערפיהרערישען פּלאַן פון באַראָן ראָזען, גענעראַל קוראָפּאַטקין און זייער גלייכען, וועט אונבעדינגט ארויסרופען א פעסטערע פריינדשאַפט צווישען יאפּאַן, כינאַ, פעראייניגטע שטאַאטען און ענגלאַנד; אַן ענערגישע רוסישע פּאָליטיק אין אַזיען מיינט, אויף אַזאַ אופן, אַ נייע מלחמה און אַ נייע מפּלה פאַר רוסלאַנד — נייע טייכען בלוט, נייע גרויסע קאַטאַסטראָפען, פיעל שרעקליכערע פון די, וואָס די רוסישע אַרמיי און דער רוסישער פלאָט האָבען דורכגעמאַכט אין 1904. און א נייע מפּלה פאַר רוסלאַנד מיינט א נייע אינערליכע אויפטרייסלונג, א נייע גראַנדיעזע פּאָלקסבעוועגונג. דאָס וועט זיין א סיגנאַל פאַר אַ נייער גרויסער רעוואָלוציאָן, אַ פיעל גרעסערע נאָך, איידער די רעוואָלוציאָן פון 1905. דער איין געדאַנק פון אַזאַ רעוואָלוציאָן וואַרפט עס אַזאַ אימה אויף די ראָזען׳ס, קוראָפּאַטקין׳ס און די אַלע הויך־געשטעלטע פּערזענליכקייטען אין די הויף־קרייזען, וואָס זוכען אַלץ נייע וועגען, אַלץ נייע פּלענער, ווי אַזוי דעם צאַריזמוס אויפצוהאַלטען.

יענטע סערדאַצקי

ביים קאַמין

(פּלאַנטערס פון קווארטאַל).

ערצעהלונג

דאָס האָט אויך פּאַסירט אין מיין ניו־יאָרקער רעסטאָראַן.

עס איז געווען א קאַלטער ווינטער־טאָג, א נאָכמיטאַג. די „סטים״ האָט שוואַך געוואַרעמט דער גרויסער שטוב. איך בין געזעסען איינגעהילט אין א טוך און געקוקט אין גאַס. אַקעגען איז געווען א מויער, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען א באַנק־געשעפט; איך האָב אהין געקוקט מיט דורשט און געטראַכט, וואָס איך וואָלט געטהאָן, ווען ביי מיר, אַ שטייגער, נעפינט זיך דאָס געלד. מיין פּאַנטאַזיע האָט מיך אַוועקגעטראַגען אין וואַרמען לאַנד, וואו בוימער בליהען און וואו ס׳איז גרין דאָס גראָז. איך ווייס ניט צו פון די געדאַנקען וועגען וואַרמען לאַנד, צו פון דער דיקער טוך, נאָר מיר איז געוואָרען וואַרים און איך האָב אָנגעהויבען איינדרעמלען. און פּלוצלינג האָט מיך אויפגעוועקט אַ גערויש. אין שטוב איז אַריין אַן עלטערע פרוי. די פרוי האָט זיך געזעצט ביי א טישעל און זיך געהייסען דערלאַנגען קאַפע. איך וואָלט זי מוחל געווען, ווייל ערשטענס האָט זי צושטערט מיינע חלומות, און צווייטענס האָב איך דערקענט, אַז זי איז ניט קיין „סטעדי״ קאָסטימער, נאָר אַ „קוקערין״. איך בין געווען ניט ריכטיג אָנגעטהאָן און אויסגעקוקט פערשלאָפען. פאַר אַ מאַן׳ס קריטיק האָב איך אויך מורא, ווען איך קוק ניט גוט אויס, אָבער אימת מות ציטער איך, אין אַזאַ פאַל פאַר דער קריטיק פון א פרוי . . .

איך האָב איהר דערלאַנגט קאַפע. זי האָט מיך בעקוקט, און אין אָנהויב, ווי עס שיינט, ניט געגלויבט, צי דאָס בין איך.

איך האָב אָנגענומען מיין געוועהנליכען מיטעל און איהר „געוויזען״ מיינע אויגען. זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— יאָ, נאָך די אויגען דערקען איך, אַז דאָס זייט איהר. קיין קאַפע וויל איך ניט, איך וויל מיט אייך ווערען בעקאַנט. און דאַן האָב איך אייך צו דערצעהלען אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג פון מיין לעבען, וועלכעס קען איך

אפשר צו נוץ קומען, — אויב אייך געפעלט, טאָ זעצט זיך אַוועק.

מיר איז געפעלען איהר אָפענהערציגקייט, און דאָך האָב איך קיין חשק ניט געהאַט זיך צו זעצען. „אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג“, האָב איך געקלערט, „ווער ווייסט, אַן עלטערע דאַמע, מסתמא א ניט אויסגעלעבטער לעבען, אָדער יאָ אן אויסגעלעבטער מיט'ן זויערען „הייוועץ“ פון הבל הבלים“ . . . איך האָב געוואָלט זאָגען מיין געוועהנליכען תירוץ, אַז איך האָב נעטהיגע קיך־אַרבייט; אָבער איך האָב נאָך אַמאָל בעטראַכט די דאַמע און איך האָב מיך, ווי געצוואונגען דורך עמיצען, געזעצט: זי האָט אויסגעזעהען מאיעסטעטיש מיט איהר הויכער, שלאַנקער פיגור; איהרע האָאָר זיינען געווען אַזוי ווייס, ווי דאָס פּאַפּיער, אויף וועלכען איך שרייב, און אויף איהר פּנים האָט גערוהט אַ טרויער, ניט קיין געמאַכטער, אַ ריכטיגער, צו וועלכען איהר מוזט זיך צוהערען.

די דאַמע האָט זיך אומגעקוקט איבער'ן שטוב. — הערט — האָט זי געזאָגט — אייע־שטוב געפעלט מיר ניט, עס איז גרויס און אונהיימליך און עס איז אַ „רשות הרבים“. פּרעמדע קענען אַריינקומען און אונז שטערען. קומט אַריבער אין אבענד, צו מיר.

איך האָב איהר איינלאַדונג אָנגענומען. און בין אַהין אַוועק.

דורך אַ קליינעם קאָרידאָר בין איך אַריין אין אַ גרויסען צימער. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־אבענד און דער קאַמין האָט שטאַרק געברענט. דער צימער איז געווען שוואַך בעלויכטען. אויף מיר האָט געמאַכט אַ שווערען איינדרוק די דונקעלע מעבעל, קאַרפּעטס און פּאָרהאַנגען. קיין בילדער אויף די ווענד, קיין בלומענטעפּ, קיין צאַצקעס. אַזוי ווי אין אַ הייל אָדער ווי אין אַ הויז, וואו מען טרויערט נאָך אַ טויטען.

ביים קאַמין שטעהען צוויי נידריגע ווייכע וויעג־שטולען. אויף איינעם זעצט זיך די בעל־הבית'טע און אויף איינעם איך. זי וויזט צו מיר ניט קיין איבעריגע פריינדליכקייט און דאָך פיהל איך זיך בעקוועם. זי הויבט גלייך אָן ריידען צו דער זאַך:

— מיט מיר האָט פּאַסירט עפּעס, פון וואָס מיינע האָאָר זיינען געוואָרען גראָה פאַר דער צייט און מיין פּנים איז געוואָרען אַלט. איהר זייט נייגעריג. טאָ הערט:

— איך בין אַלט געווען צו מיין חתונה צוואַנציג יאָהר, מיין מאַן מיט אַכט יאָהר עלטער. מיר קומען ביידע פון אַ גרויסער רוסישער שטאָדט. מיר זיינע ביידע פון גביר'ישע עלטערען. דערהיים האָבען מיר געלעבט זעהר גוט. צו יענער צייט האָט מען אָנגעהויבען „איבערבויען“ רוסלאַנד. איך און מיין מאַן האָבען צוגעלייגט צום בנין אונזערע הענד און מיר האָבען זיך באַלד אָבגעבריהט . . . די „שוואַרצע קאַרעטע“ האָט אונז ערוואַרט. מיר זיינען ענטלאָפען אַהער אין לאַנד. דאָס איז געווען מיט פינפאונצוואַנציג יאָהר צוריק, גלייך נאָך אונזער חתונה.

דאָ האָבען מיר געטראָפען אַ היבשע קאָלאָני — היימישע, ענטלאָפענע. מיר האָבען זיך בעקענט, און זיך גלייך אָנגעהויבען פיהלען גוט.

און אגב איז דאָ אין לאַנד אויך געווען גענוג אַרבייט צום „בויען“: אַ פּאַרטיי, יוניאָנס, אַ פּרעססע, און געלד־מיטעל פאַר רוסלאַנד, עס האָט געקלעקט. דערווייל האָט זיך יעדער איינגעאָרדערט פאַר זיך. ווער עס האָט שטודירט און ווער עס האָט זיך גענומען פאַר געשעפט. מען האָט זיך געפּאָרט, געבאָרען קינדער, זיך איינגעשאַפט שעהנע וואוינונגען און שעהנע כלים. טאַקע פאַר וואָס ניט?

מיין מאַן, פון דער היים געוואוינט צו געשעפט, האָט זיך דאָ אויך גענומען פאַר דעם. ער האָט געהאַט ערפאָלג. מיר האָבען געהאַט די שעהנסטע הויז, שעהנע מעבעל, און עס האָט זיך אָנגעהויבען קלייבען ביי אונז אַ קאַפּיטאַל.

איך בין געווען אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיינע האָאָר זיינען געווען פעך־שוואַרץ און דין, ווי זייד. מיין פּנים און מיין גאַנצער אויסזעהן איז געווען שעהן און אָריגינעל. מיין מאַן איז געווען אַ סך העכער פון מיר, אַ ברייטשולטערדיגער, מיט אַ דונקעלען פּנים פול מיט גבורה און חן. ער איז געווען פון כאַראַקטער אַ שווייגעדיגער, אַ בעהאַלטענער אין זיך. פלעגט שטענדיג זיין פערטיעפּט אָדער אין ערענסטע ביכער אָדער אין די חשבונות פון געשעפט. מיין כאַראַקטער איז געווען פּונקט דער היפּך: מיין פרעהליכקייט איז געווען כמעט ביז לייכטזין און סענטימענטאַל: מיינע געפיהלען האָבען אַלע געקענט לייענען אויף מיין געזיכט. איך האָב ליעב געהאַט שפּיעלען און זינגען און לייכטע ביכער און העלע, בונטע פאַרבען און שעהנע קליידער, און דאָס רוישיגע לעבען פון דער גרויסער שטאָדט; אַלעס שטורעמ'דיגעס און שעהנעס איז מיר געווען ליעב.

און דאָך האָב איך מיט מיין מאַן זעהר פריעדליך געלעבט. איך האָב פערגעטערט אין איהם זיין ערענסט, און ער האָט געליעבט אין מיר מיין פרעהליכקייט.

נאָכדעם בין איך אַלט געוואָרען דריי־און־צוואַנציג. דריי יאָהר נאָך אונזער חתונה. כמעט ביי אַלעמען אין אונזער קאָלאָני זיינען שוין געווען קינדער—אינגלעך און מיידלעך. און פּלוצלינג איז דאָס געקומען איבער מיר (מען זאָגט ביי אַלע פרעהליכע, לייכטזיניגע מענשען קומט אַלעס פּלוצלינג). עס האָט מיך אָנגע־

כאפט א פערלאנג צו האבען א קינד. איצט פערשטעה איך, אז די „מוטער“ אין אונז האט זיך איהר צייט רייף צו ווערען, אזוי ווי עס האט א צייט רייף צו ווערען אין אונז די „פרוי“.

מיר האבען אנגעהויבען נאכזוכען די סבות פאר וואס ביי אונז איז קיין קינד ניטא. מיר זיינען אוועק צו א פראפעסאר שטילערהייד; פאר די בעקאנטע האבען מיר זיך געשעהמט צו ריידען וועגען אזא זאך. ער און נאכדעם נאך אנדערע, האבען ערקלעהרט, אז מיין מאן מוז בלייבען קינדערלאז אלע מאל.

איך וויל אייך ניט מיעד מאכען צו שילדערען ווי איך האב געפיהלט. דעם אמת געזאגט, האב איך אליין ניט ליעב צו לייענען, ווי א שרייבער גראבט זיך אין די אינערליכע געפיהלען פון זיין קרבן (טיפ), צוגליעדערט עס טויזענד מאל און שרייבט אן גאנצע בערג, און נאכדעם וואס מעהר ער פלוידערט, אליין איז ער א גרעסערער פסיכאלאג . . . אז איהר ווילט עטוואס און איהר קענט עס ניט קריגען, נעהמט אייך ארום א וועהטאג, אזוי ווי א צוואנג, פון וועלכען איהר קענט זיך ניט בעפרייען; איהר ווערט מעלאנכאליש, פערצווייפעלט און עס טהוט וועה.

מיך האט געצויגען צו האבען א קינד אזוי אונגעפעהר, ווי עס האט געצויגען דער קליינינקער קאזעטען אין „לע מיזעראבעל“ צו האבען א פופע. און טאקע אלע קינדער האבען פופען און זי וויל אויך. זי וויל, ווייל אזוי פאדערט איהר אינסטינקט . . .

איך בין געווארען פערביינקט. פלעג גאנצע טעג וויינען, האב מיך אויפגעהערט קליידען, און דאס זינגען און לאכען איז פערשטומט געווארען אין מיין האלז.

צו אונזער קאלאני זיינען דערווייל צוגעקומען אליין נייע און נייע מיטגליעדער. די געקומענע האבען געבראכט מיט זיך דעם פרישען אראמאט פון פרייהייט-גייסט, וואס האט אליין שעהנער אויפגעבליהט אין רוסלאנד. צו יענער צייט האט זיך געדאכט, אז ניט נאר די ארדנונג האלט זיך אין איבערבויען, נור אויך די מענשליכע פסיכאלאגיע. די מאראל פון יאהר הונדערטע, צוזאמען מיט אלע פאראורטהיילען, האבען זיך אפגערוקט צום הינטערגרונד. געשפארט האט זיך צו אונז דער פרייהייטס-גייסט, דער מונטערער ווילען, מען האט אנגעהויבען פערגעטערען דעם „מען מעג“ . . .

איך האב דאס דעמאלט קוים געשפירט, אזוי פערנומען בין איך געוועזן מיט מיין טרויער.

מיין מאן איז געווען פערצווייפעלט וועגען מיר. איהם אליין האט ניט געארט. ער איז געווען א פאלקאם געזונטער, שטארקער מענש, זיין קינדערלאזיגקייט איז נאר געווען א מיסגעבורט . . . ער האט, דאכט זיך, גאר קיין קינד ניט פערלאנגט.

ער פלעגט וואכען איבער מיר טאג און נאכט. זאגען מיר האט ער ניט געהאט וואס און ער איז געווען, בטבע, א שווייגעדיגער. אבער איבער די ווינקלען פון זיין שעהנעם שטערען האבען זיך געוויזען זילבערנע האר און אויפ'ן שטערען האט זיך געלייגט א טיעפער קנייטש. דאס האט ער אלץ געזארגט וועגען מיר.

און איינמאל, אין א קאלטען ווינטער אבענד איז עס געווען, האט ער מיך אריינגענומען צו זיך אין קאבינעט. איך פלעג אלע מאל אין זיין קאבינעט מורא האבען אריינצוגעהן: ער האט עס אויסגעשטאטעט נאך זיין געשמאק און אזוי מאדנע . . . די מעבעל, קארפעטס און פארהאנגען שווערע און דונקעלע. די שאפעס שווערע ביכער פלעגען ווארפען אויף מיר א אימה און אויפ'ן שרייב-טיש מיט גרינעם געוואנט פלעגט אין די אבענדען ברענען א לאמפ אונטער א גרינעם אבאזשור און ווארפען א אומעטיג שיין אויף פערשריבענע פאפיער מיט א סך ציפערען.

דאס מאל האט מיך נאך מעהר איבערגעשראקען דער קאבינעט, מסתמא ווייל מיין מאן'ס פנים איז געווען אויסגעקרימט ווי פון א סארט וועהטאג און עס האט זיך געפיהלט ווי ער געהט מיר זאגען א שווערע, געהיימניספאלע זאך.

ער האט מיך אוועקגעזעצט אויף א שווארצער, לעדערנער זאפא, וועלכע איז געשטאנען נעבען מיר, גענומען מיין קאפ אין זיינע הענד און מיר שטיל געקוקט אין געזיכט. מיך האט געטרייסעלט פאר שרעק.

„יעטטי“, האט ער געזאגט, „יעטע'לע, הער אויף טרויערען . . . עס איז אנדערע צייטען . . . וואס אמאל האט מען ניט געטארט, מעג מען איצט . . . דו מאגסט . . . איך היים עס דיר . . . דו מעגסט האבען א קינד . . .“

ער האט מיך פלוצלינג אבגעלאזט. זיך געזעצט ביים שרייב-טיש און זיך פערטיעפט אין זיינע ציפערען. שטום און איינגע'עקשנ'ט איז ער געזעסען מיט'ן רוקען צו מיר. זיין ריעזיגע פיגור האט אויסגעקוקט ווי א שטארקע, מעכטיגע וואנד. איך האב געקוקט אויף איהם און נאכגעדענקט זיינע רייד. וואס מעהר איך האב נאכגעדיינקט, אלץ קלערער און ליכטיגער איז געווארען מיין געמיט . . .

און נאכדעם האט מיך פלוצלינג ארומגעכאפט דער פרייהייטס-גייסט פון קווארטאל. איך האב איהם דערשפירט מיט אלע מיינע חושים. דער מונטערער ווילען. די אויפרעגונג פון צוברעכען דאס אלטע און אבגעלעבטע . . . איך האב אנגעהויבען צוריק זינגען און טאנצען און לאכען, און איך האב מיך

צוגעגרייט צו מיין גרויסען, לאַנג־ערוואַרטעטען גליק, צו זיין מוטער, א מוטער פון אן אייגענעם קינד . . .

מיין „מיט־ברעכער“ פון מאָראַל איז געוועזן א יונגער סטודענט, אן ענטלאָפענער פון דער היים, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ בלאָנדער. ער איז מעהר עהנליך געוועזן צו אַן אַפּאָסטאַל. געטהאָן האָט ער דאָס אויך מעהר פון פרומקייט, — פאַר'ן נייעם גלויבען פון „מען מעג“. איך האָב איהם ניט געליעבט און ער האָט גאָר געביינקט נאָך זיינע א כלה, וועלכע די עלטערען האָבען ניט געלאָזט מיטפאָהרען מיט איהם. מיר האָבען געפיהלט א קרובה'שאַפט פון צוויי אינטעליגענטע זעלבסטשטענדיגע מענשען, חברים פון איין אידעאַל.

און מערקווירדיג, כאָטש אין קוואַרטאַל האָט געבושעוועט דער „מען מעג“ און כאָטש איך וואָלט זיך געדאַרפט ריהמען און דיענען אַלס „סעמפּעל“ מיט מיין טהאַט; האָב איך גאָר גענומען ביי איהם דעם וואָרט, אַז דאָס זאָל בלייבען אן אייביגער סוד און אז דאָס קינד זאָל אין גאַנצען געהערען מיר און מיין מאַן. מען זאָגט, אַז אין יעדער פרוי איז פאַרהאַן דער גייסט פון א נביאה. אפשר האָב איך דעמאָלט פאַרגעפיהלט, אז עס וועט קומען אין אונזער קוואַרטאַל אַן אַנדער צייט . . .

ער האָט מיר, פרום און שווייגענדיג, געגעבען זיין וואָרט. שפּעטער פלעגען מיר זיך צוזאַמענטרעפען ביי כלל־אַרבייט, מיר האָבען זיך פערטראַגען ווי טרייע חברים, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט צווישען אונז ניט געוועזן. נאָכדעם איז געקומען זיין כלה פון רוסלאַנד. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען פלאַגען פאַר א לעבען צו מאַכען. זי האָט געבאָרען אַ „זיבעלע“, אַ מיידעל, און איז געוועזן קראַנק. שפּעטער זיינען זיי אַוועקגעפאָהרען אין אַנאַנדער שטאָדט צו איהרע קרובים און דאָרט זיינען זיי פערבליבען אויף אַלע מאָל. איך האָב פון איהם כמעט ניט געהערט.

איך בין געוואָרען אַ מוטער פון א שעהנעם אינגעלע. דעם יאָהר וואָס איך האָב עס געזויגען איז מסתמא געוועזן דער ליכטיגסטער אין מיין לעבען, ווייל איך האָב מיך ניט ארומגעזעהן ווי ער איז פערביי. מיין מאַן איז דעם יאָהר אויך מסתמא געוועזן גליקליכער, ווייל ער האָט פערנאַכלעסיגט זיינע געשעפטען און פלעגט זיך נאָר געפינען נעבען מיר און נעבען קינד. און עס איז באמת שעהן, עס איז שעהן צו זעהן ווי א שטאַרקער, דונקעלער, פער'עקשן'טער מענער־פּנים ווערט מילד און צאַרט ווי ביי אַ אינגעל ווען דאָס גלעט אַ קליין הענטעלע פון א קינד.

נאָכ'ן יאָהר האָב איך דעם קינד ענט־

וועהנט. דאָס איז געוועזן פאַר אונז ווי א מין אבשטעל נאָך אַ לאַנגען וועג. מיין מאַן האָט זיך אַ נעהם געטהאָן צו זיינע פערלאָזענע געשעפטען און אַוועקגעגעבען זיי כמעט זיין גאַנצע צייט, ער האָט געוואָלט פערזאָרגען אַ רייכע צוקונפט פאַר'ן קינד. ביי אונז אין הויז האָט מען צו יענער צייט אַריינגענומען מיינע אַ קרובה אן אלמנה אָהן קינדער, אן עלעגאַנטע, מיטעליעהריגע פרוי. זי האָט זיך באַלד צוגעבונדען צו אונזער קינד מיט אַזאַ אימפּעט, ווי אַ זינקענדער כאַפּט זיך אָן ווען מען וואַרפט איהם צו אַ שטריק. איך האָב אויף איהר רחמנות געהאַט און זיך אַביסעל אָבגערוקט אָן אַ זייט.

איך בין דעמאָלט אַלט געוועזן קנאַפּע פינפנפאונצוואַנציג יאָהר. אַ הויכע, אַ שעהנע, אַ פרעהליכע, די לעבענסלוסט האָט געזונגען פון מיין גאַנצען געשטאַלט.

דערווייל איז אונזער קאָלאָני אַלץ גרעסער געוואָרען. פרישע ענטלאָפענע זיינען אָנגעקומען. אין רוסלאַנד האָט מען שטאַרק אַגיטירט דאָס פאָלק, דאָ אין קוואַרטאַל איז די אַרבייט געוואָרען לעבעדיגער. איך האָב פאַר דער צייט פון זויגען דעם קינד, די כלל אַרבייט פערנאַכלעסיגט. איצט, אַז דאָס קינד איז געוועזן אין זיכערע הענד, בין איך געוועזן פריי און האָב מיך צוריק אָנגעהויבען מישען אין קוואַרטאַל.

די דערצעהלערין איז ענטשוויגען און האָט זיך פערטראַכט. איך, דעם אמת געזאָגט, האָב נאָך פון איהר געשיכטע ניט געזוכט צו פלעכטען קיין ראָמאַן. דערפאַר האָב איך מיך פערטראַכט וועגען אַנאַנדער סוזשעט, וועגען וועלכען איך האָב געקלערט די לעצטע צייט. דער קאַמין האָט געברענט אויף גאַז און דאָס נאָכגעמאַכטע האָלץ, וואָס ברענט און ברענט ניט אויס, האָט מיך דערמאַנט אָן דעם דאָרן אין דער מדבר: עס האָט זיך באַלד געפּאַסט צו דער דעקאָראַציאָן.

— די יוגענד איז ווי א ווירבעל־ווינד — וועקט מיך דער פרוי'ס טרויעריגער קול. איך ווייס ניט צו דער אויסדרוק איז מיר געפעלען אָדער דער פרוי'ס קול, איך האָב פערגעסען מיין פריהערדיגען סוזשעט און זיך, אויפמערקזאַם, צוגעהערט צו איהר.

— יאָ, ווי א ווירבעל־ווינד איז די יוגענד. אַלץ דרעהט עס אין זיך אַריין. מאַכט זיך אונטער אַ רעוואָלוציע, הויכע אידעאַלען, נאָבעלע שטרעבונגען, ערהויבונגען פון גייסט, כלל־אַרבייט און סאַנינ'יזם און מיסט און קליינליכקייט . . . עס ווענדט זיך וואָס עס פאַלט צו. מען כאַפּט אַלץ וואָס איז ניי און מען טראָגט זיך מיט דעם ווי אין ווילדען, פער'כישופ'טען טאַנץ . . .

איך בין געוועזן טהעטיג איבעראַל. אין

דער בעוועגונג, אין די יוניאנס, אין דער פרעסע, געהאלפען מאכען אונטערנעהמונגען פאר רוסלאנד. פאר אליץ און אין אליץ האב איך געהאט ערפאלג; אבער איך בין אויך מודה, אז נאך יעדער גרויסער טהאט פלעגט מיך איינשלעפערען א זיסער געדאנק, ווי גוט עס וועט דענקען פון מיר דער אדער יענער מאן, און ווען איך בין געווען פעראינטערעסירט . . . און פעראינטערעסירט אין וועמען בין איך אלע מאל געווען.

געדרעהט האב איך מיך אזוי א יאהר זיבצעהן. ביז מיט דריי יאהר צוריק. א פאסירונג האט מיך ווידער אויפגעוועקט: די פרוי, מיין קרובה, איז געשטארבען, און איך האב מיך בעדארפט אבגעבען צו דער שטוב.

מיין יוגענד־טאנץ איז שוין געווען אריבער. פאר די יוגענד איז אלעס גוט און שעהן און ערהאבען. די עלטער בריינגט אונצופריעדענהייט און קריטיק. די גאנצע כלל־ארבייט איז מיר איצט געווארען צו לאסט: די יוניאנס זיינען קארופט, די פרעסע געל, די בעוועגונג שלעפעריג, די חברים . . . עט . . . ביז דעמאלט האב איך דאס גארניט געזעהן.

און דאך בין איך געווען מונטער און אפטימיסטיש ביי מיין אונטערגאנג. איך האב גלייך זיך אנגעכאפט אן עפעס אנדערש אין לעבען און דאס איז געווען מיין זוהן.

מיין זוהן האט זיך געהאדעוועט אהן זארג. געזונד און שעהן און נארמאל. גוטע אויפפאסונג, אינטעליגענטע אומגעבונג, צערטליכקייט, ליעבע און קאמפארט — איז ער געוואקסען ווי א געזונדער בוים אויף זאפטיגע ערד. דעמאלט איז ער אלט געווען אכצעהן יאהר. ער איז אין גאנצען געראטען אין מיר: פעכיגע האאר און שווארצע אויגען, הויך און שלאנק, פרעהליך און לעבענס־לוסטיג ווי די יוגענד אליין.

זיין בליק אויפ'ן לעבען איז געווען ווי ביי די מעהרסטע אמעריקאנער אינטעליגענטע קינדער: די וועלט איז פאר איהם געווען ווי א גרויסער לוסט־גארטען. די פאלשע סאציאלע איינטיילונג האט ער בעטראכט ווי א מאשין, וואס איז ניט ריכטיג אויפגעשטעלט, און וואס איין קליינע אנשטרענגונג דורך יוניאנס אדער וואוטס, און עס וועט שטעהן גלייך... בעאונרוהיגט האבען איהם די מענשליכע קראנקהייטען, און דערפאר האט ער זיך אויסגעקליבען צו לערנען מעדיצין. ער האט טאקע דעמזעלבען יאהר אנגעהויבען בעזוכען א אוניווערזיטעט.

פון דעם אמעריקאנער גייסט האט ער אויך גע'ירשנ'ט די ליעבע און רעספעקט צו עלטערען. איך בין געווען פאר איהם א הייליגקייט. ער פלעגט מיר קושען די הענד צעהנדליגע מאל א טאג; פאר'ן פאטער איז ער געשטאנען ווי א קליינער שול־אינגעל און געקוקט איהם אין מויל אויף א בעפעהל.

מיין הארץ איז געווען פול מיט נחת און פרייד. איך האב מיך אבגעגעבען מיט דער שטוב. פאר מיין זוהן האב איך צוגעגרייט צוויי בעזונדערע צימערן אויפ'ן צווייטען פלאר; האב עס דעקארירט מיט ליכטיגע, בונטע פארבען. איך האב שוין געזעהן אין מיין גליק, ווי מיין זוהן וואקסט און וואקסט, ווי ער האט חתונה מיט אן איידעלער, שעהן־ערצויגענע מיידעל, זי רופט מיך „מאמא“ און נאכדעם א גאנצע מחנה בלאנדלאקיגע און שווארצלאקיגע מלאכים'לאך, וועלכע טאנצען איבער'ן שטוב און רופען מיך „גרען־מא“.

מיין זוהן איז געווארען ניינצעהן יאהר. ער איז געווארען העכער און ברייטער. א פרעהליכער, א ריינער, א לוסטיגער, עס פלעגט זינגען פון איהם די שטוב. און פלוצלונג האט ער אנגעהויבען אומגעהן פערטראכט, איז געווארען פערשלאסען אין זיך ווי ער וואלט טראגען א גליקליכען סוד פון דער אייביגקייט אליין... איך האב פערשטאנען: ער האט געשפיעלט פיאנא, און זיינע שעהנע פינגער האבען געקלאפט די ביינדלאך, אויסשפיעלענדיג א ראמאנס...

איך האב געשמייכעלט און איהם גארניט געפרעגט: די ערשטע ליעבע וויל זיין איינגעהילט אין א סוד...

עס האבען זיך אנגעהויבען פאר מיר גליקליכע צייטען. איך און מיין מאן, וועלכע זיינען געווען, די גאנצע צייט פון מיין טהאן פאר'ן כלל, אין א רעספעקטפולער האלב־פרעמדקייט, זיינען געווארען צוריק פערבונדען צווישען זיך. איך פלעג שוין פאר זיין דונקעלען קאבינעט מעהר קיין מורא ניט האבען. שעה'ן לאנג, איבערהויפט אין די ווינטער־אבענדען, פלעג איך זיצען אויף דער שווארצער לעדערנער זאפא, ווען ער פלעגט שרייבען, אדער צוזאמען ביים קאמין אויף וויעג־שטולען, ווען ער פלעגט זיין פריי, און מיר פלעגען זיך, שטילערהייד, צוהערען צו אונזער זוהנ'ס טריט. אונזער לעבען איז אין גאנצען איבערגעגאנגען אין איהם. אין דער שטילקייט האבען מיר דערקענט אן זיינע טריט ווען ער האט געהאט א גליקליכען „וויעדערזעהן“ און מיר האבען זיך געפרעהט צוזאמען מיט איהם; האבען זיינע טריט געקלונגען אומעטיג, האט אונז וועה געטהאן דאס הארץ...

דערווייל איז ער געווארען ניינצעהן און א האלב יאהר. זיין סוד איז צייטיג געווארען. ער האט עס ניט געקענט האלטען מעהר ביי זיך.

געווען איז דאס אין א ווינטער אבענד, א קאלטע אונהיימליכע נאכט. איך בין געזעסען אויף דער לעדערנער זאפא ווי מיט איבער

צוואַנציג יאָהר צוריק. מיין מאַן איז געזעסען, אויך ווי דעמאָלט, מיט זיין ריעזיגען רוקען צו מיר און געשריעבען. מיר האָט ניט היימליך געקלאַפּט דאָס האַרץ: צי עפּעס א פּאַרגעפּיהל, צי מיין זוהנ'ס טריט אויבען, וואָס זיינען געווען אויפגערעגט און גיך... און פּלוצלונג האָבען זיך זיינע טריט געלאָזט פון די טרעפּען. א לייכטער קלאַפּען אין טהיר. ער איז אריין אַן אויפגערעגטער, זיך מיר געוואָרפען אויפ'ן האַלז, שטאַרק געקושט, און מיר אויסגעזאָגט זיין „סוד“. עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט די אייביג־שעהנע סצענע פון ליעבע און גליק. דאָס איז געווען דער ערשטער טייל פון דער סצענע. נאָכדעם האָט ער, מיט גרויס בעגייסטערונג, ווי א פרומער קריסט דערמאָנט דעם נאָמען פון אַן אַפּאָסטאָל, אונז געזאָגט, ווי מען רופט זי און ערקלערט ווער זי איז.

מיין מאַן איז געבליבען, האַלב געלעהמט, אויפ'ן שטול ביים שרייב־טיש. איך בין געפאַלען חלשות אויף דער לעדערנער זאָפאַ. מיין זוהן, א צוטומעלטער, האָט אונז געבראַכט הילף...

עס איז ווי א שונד־ראָמאַן, ווי א שונד־דראַמאַ, ווי וואָס איהר ווילט, אָבער עס איז א פאַקט, א פאַקט א לעבעדיגער, דאָ אליין אין מיין הויז האָט עס פּאַסירט: מיין זוהנ'ס כלה, די געליעבטע זיינע, מיט וועלכער ער וועט אין קורצען חתונה האָבען, איז, איז זיין אייגענע שוועסטער. זי איז די טאָכטער פון יענעם, מיר כמעט אונבעקאַנטען מאַן, דעם מאַן, וועלכער איז אָבער דער טאַטע פון מיין זוהן.

זי איז דאָ געקומען צו א קרובה צו גאַסט. מיין זוהן האָט אין יענער הויז א שול־חבר, זיי האָבען זיך בעקענט און פערליעבט.

* * *

פאַר מיין פערליעבטען, זאָרגלאָזען זוהן איז געווען א לייכטער תירוץ פאַר אונזער חלש'ן ביי דער בשורה, און ער האָט זיך בערוהיגט. איבערהויפּט האָט ער קיין צייט ניט געהאַט צו קלערען. ער האָט אָנגעהויבען קומען אהיים זעהר שפּעט. ביי מיר איז פאַר א פּאָאַר וואָכען צייט גראָה געוואָרען דער קאָפּ. מיין צערטליכער זוהן האָט עס ניט בעמערקט.

איך און מיין מאַן האָבען אָנגעהויבען קלערען וואָס צו טהאָן. דאָס גרינגסטע וואָלט געווען איהם צו דערצעהלען אַלעס; ער איז אָבער געווען מיט זיינע אַנשויאונגען אַזוי ווייט פון אַזאַ ראַדיקאַלער טהאַט, אַז ער וואָלט זיך גענומען דעם לעבען פאַר צער. מיר האָבען זיך פערגראָבען אין מיין מאַנ'ס אומעדיגען צימער און געהאַלטען אין איין מאַכען פּלענער, אַבענדען און טעג, שווערע און פינסטערע. מיין קאָפּ האָט אָנגעהויבען ווערען אַלץ ווייסער און ווייסער און דער פּנים אַלץ מעהר געקנייטשט. מיין מאַן איז אויך געוואָרען גראָה. קיין איין פּלאַן האָט ניט געטויגט.

נאָכדעם האָט מיין זוהן געבראַכט צו אונז אין הויז אריין זיין געליעבטע. ציטערענדיג, נאָהענטע צו חלש'ן, האָבען מיר געוואַרט צו דערקענען אין זייערע פּנים'ער דעם ברודער מיט דער שוועסטער. מיר איז געוואָרען אַביסעל גרינגער — זי איז אין גאַנצען דער היפּך פון איהם.

זי איז, באמת, א זיס קינד, א קליינע, א לוסטיגע, א בלאָנדע מיט א ווייסען געזיכט און מיט רויטע תאוה'דיגע האָאר. זי האָט זיך אין גאַנצען מיט איהר יונגער, ריינער, לוסטיגער נשמה געוואָלט אוועקגעבען צו אונז. איך וואָלט איהר מיט פריידן צוגענומען, ווען עס וואָלט ניט געווען אַזאַ שרעקליכער פאַל...

* * *

אין אַן אומעטיגער נאַכט איז דאָס געווען. איך בין געזעסען אין מיין מאַנ'ס קאַבינעט אויף דער שוואַרצער זאָפאַ און געטראַכט; ער איז געזעסען מיט'ן רוקען צו מיר און געשריעבען.

— מאַקס! — האָב איך געזאָגט — איך קען מעהר ניט אויסהאַלטען. איך וועל איהם דערצעהלען און זאָל נעהמען א סוף...

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיין אייזערנעם, ענטשלאָסענעם בליק:

— מיר וועלען איהם אומברענגען, פערליערען...

— איך ווייס! — האָב איך געזאָגט.

ער האָט ארויסגענומען פון שופלאָד א פּיסטאָלעט, עס צוגעלייגט צו זיין שלייף און געזאָגט מיט זיין האַרטען, ענטשלאָסענעם קול:

— זעהסטו, יעצט, אויב דו דערצעהלסט איהם, וועל איך ניט וואַרטען קיין איין איבעריגע מינוט.

איך האָב, אָהן כוח, צוריקגענומען מיין וואָרט.

איך האָב ווידער אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר זיין צימער. איך האָב ניט געקענט זעהן ווי ער ווערט פון מינוט צו מינוט גראָה און אַלט. האָב איך מיר פערקליבען אהער. דאָ זיינען פריהער געהאַנגען ווייסע פאָרהאַנגען און בלומען האָבען אָנגעפילט די טעפּ. איך קען דאָס מעהר ניט אריבערטראָגען. איך האָב געמאַכט פון מיין צימער א קבר, איך דאָ און מיין מאַן דאָרט. ביידע זיצען מיר און טראַכטען וואָס צו טהאָן...

פאַר דער צייט האָב איך מיך געזעהן מיט איהרען, מיט'ן „טאַטען“ פון מיין זוהן. עס איז מיר ניט אָנגעקומען גרינג. „וואָס טהוט מען?“ — פרעג איך מיט א פערשטאַרבענעם קול, ווי איך וואָלט וואַרטען אויפ'ן לעצטען קלאַפּ.

ער קוקט מיך אָן א לענגערע צייט. אויף זיין פנים שפּיעלט זיך אָב עפּעס א פערלעגענהייט (ער איז נאָך איצט אויך הויך און שלאַנק און בלאָנד, אָבער אנשטאט דעם פרומען, יונגען פּנים, איז איצט א פנים פון א ציניקער, פון אַן אויסגעלעבטען שאַרלאַטאַן). נאָכדעם טהוט ער ציניש א שמייכעל און זאָגט אין א לייכטען טאָן:

— לאָז צו רוה, יעטטי, די קינדער; פער׳סם ניט זייער גליק.

איך האָב איהם אָנגעקוקט צומישט. דערווייל האָט ער מיט א טיערישען בליק אָבגעמאָסטען מיין פיגור און געזאָגט:

— הערסטו, יעטטי, א שאָד וואָס דו ביזט געוואָרען אזוי גראָה — דיין פיגור איז נאָך רייצענד־שעהן און דו ביזט דאָך אזוי ראַדיקאַל...

איך בין, ווי א משוגענע, אנטלאָפען אהיים.

און אזוי ציהען זיך שעה׳ען און טעג, וואָכען און מאָנאַטען, ווי אין דער לעגענדע מיט טיטוס׳עס מוק, אזוי עגבערט עס מיר אין מוח: טויזענדער, טויזענדער יאָהרען, נאָך אין ווילדען אַלטערטהום, האָט מען איינגעאָרדערט, אז א ברודער מיט א שוועכטער זאָלען בלייבען פרעמד און דאָ... אין איצטיגער צייט... ביי מיר אין הויז... און איך זעה אין מיין פאַנטאַזיע ווי פון מיין שעהנעם, זויבע־׳ן, ליכטיגען זוהן קומט אַרויס אַ דור נאָך אַ דור: פאַרדעם שטומע און קריפּעלס, נאָכדעם עפּילעפּטיקער, אידיאָטען, נאָכדעם קינדער־מערדער און צוויי־פיסיגע חיות... און איך, איך אליין בין דער ק ע ר ן געוועזן, די זריעה פאַר די ווילדע, זינדיגע דורות...

די דערצעהלערין ווערט ענטשוויגען. נאָכדעם שפּאַרט זי אָן איהר ווייסען קאָפּ אויפ׳ן ווענטעל פון שטול און וויינט מיט א שטילען, פערצווייפעלטען געוויין.

מיך כאַפּט אָן א שרעק. איך וויל זי טרייסטען און וואַג עס ניט: איך זעה אליין ניט אין אַזאַ פאַל קיין טרייסט. א פּיינליכער אומעטיגער שווייגען. און פּלוצלונג טהוט א לייכט אין מיין מוח א גערדאַנק.

— האָט איהר זייערע בילדער? — פרעג איך גיך. זי קוקט מיך אָן מיט פערוויינטע אויגען. זי שלעפּט זיך צו א שאַף און ברענגט מיר שווייגענדיג אַן אַלבאָם. זי נעהמט ארויס א גרויסען בילד וואָס שטעלט פאָר א גרופּע יונגע מענשען.

— דאָס זיינען מיר געוועזן אמאָל אַ קאַמיטע. אָט איז ער און דאָס איז זיין ווייב.

— די טאָכטער וויל איך זעהן. — זי זוכט און נעהמט ארויס נאָך א בילד. איהר זוהן און די „כלה“. איך קוק אויף די בילדער א לענגערע צייט. און דאָ בין איך אייך מודה, מיינע לעזער, אז איך האָב אליין געצווייפעלט אין מיינע מבינות, און דאָך האָב איך געזאָגט פעסט:

— זי איז ניט עהנליך צו איהרע עלטערן. אפשר איז איהר מאַמע אויך דעמאָלט געוועזן ארומגעכאַפּט פון פרייען גערדאַנק?...

די פרוי טהוט א שפּרונג, כאַפּט זיך פאַר׳ן קאָפּ, הויבט אָן ארומלויפען איבער׳ן שטוב ווי א משוגענע, נאָכדעם בלייבט זי שטעהן פאַר מיר מיט ווילדע, צושראָקענע אויגען:

— האַ... האַ... דאָס מיידעלע, דאָס „זיבעלע“, עס איז געוועזן א פאָלקאָם געזונד קינד!... עפּעס האָט מען דעמאָלט דערצעהלט, אז זי איז אומגעגאַנגען מיט אָפּיציערען און דערפאַר האָבען איהרע רייכע עלטערן זי געלאָזט פאָהרען אַהער... און זיין גלייכגילטיגער ענטפער... און דער צווייפעל אויף זיין געזיכט... ער ווייסט... ער וויל נור ניט אויסזאָגען איהר סוד, ווי ער האָט ניט אויסגעזאָגט מיינעם... און פּלוצלונג האָט די פרוי אָנגעהויבען ארומלויפען איבער׳ן שטוב, רופען היסטעריש און שרייען:

— מאַקס, מאַקס, קום אריין! עס זאָל לעבען די זינד, מיר זיינען גליקליך, מיר זיינען געראַטעוועט!...

אין טהיר האָט זיך בעוויזען א שעהנער, שטאַרקער, מיטעליעהריגער מאַן מיט א גרויען קאָפּ. ער האָט אָנגעכאַפּט זיין פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען ביים אומפאַלען. איך האָב, שטילערהייט, פערלאָזען די שטוב.

* * *

ביי מיין צווייטען בעזוך צו דער פרוי, זיינען שוין אין צימער געהאַנגען ווייסע פאָרהאַנגען, לעבעדיגע בלומען האָבען אָנגעפּילט די טעפּ און בילדער אין גאָלדענע ראַמען האָבען פערציערט די ווענד. זי האָט מיך בעגעגענט מיט א ליכטיגען בליק. א פרעהליכע, א גליקליכע, אָנגעטהאָן אין א העלער קאָסטבאַרער קלייד. די עלעקטריק האָט געלויכטען אונטער ראָזאָווע גלעזער, דער קאַמין האָט העל געברענט. די שטוב האָט געשמעקט מיט פרייד און מיט גליק.

דאָס מאָל זיינען מיר אויך געזעסען אויף די ווייכע וויעג־שטוהלען ביים קאַמין ביז שפּעט ביינאַכט, און די פרוי האָט מיר דערצעהלט, אָבער ניט פון זיך; נאָר אזוי ווי זי געפינט זיך שוין לאַנג אין קוואַרטאַל האָט זי מיר דערצעהלט עפּעס א לייכטע און קאָמישע געשיכטע וועגען אַנדערע.

איך וועל אפשר איבערדערצעהלען די געשיכטע פאַר מיינע לעזער אמאָל...

ד"ר. מאַקס גאָלדפאַרב

די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער דומאַ פראַקציע

1.

מעהר ווי צעהן יאָהר זיינען פאַריבער פון דעם צווייטען צוזאַמענפאָהר פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, אויף וועלכען די פאַרטיי האָט זיך צוטיילט אויף צוויי פראַקציעס: די זאָגענאַנטע „באָלשעוויקעס“ און „מענשעוויקעס“.

זיי האָבען זיך געבילדעט, די צוויי פראַקציעס, אין יאָהר 1903, בעת עס האָט זיך פערהאַנדעלט די פראַגע וועגען די אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען פון דער פאַרטיי. די באָלשעוויקעס מיט ליענינ'ען בראש האָבען פערטיידיגט דעם פרינציפּ פון א שטרענג צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אַ שמאָלען קרייז פון דעם ארבייטער אַוואַנגאַרד. די מענשעוויקעס פון זייער זייט האָבען פערטיידיגט דעם געגענזעצליכען אָרגאַניזאַציאָנס פּרינציפּ. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז די טהירען פון דער פאַרטיי דאַרפען זיין ווי ווייט מעגליך ברייט אָפען פאַר אַלע בעוואוסטזיניגע מענשען פון דעם אַרבייטער קלאַס. געזיעגט האָט ליענין. דערפון שטאַמען די נעמען פון די פראַקציעס: — באָלשעוויקעס — די אַנהענגער פון דער מעהרהייט פון צווייטען צוזאַמענפאָהר: מענשעוויקעס — אָנהענגער פון דער מינאָריטעט (באָלשינסטוואָ — מעהרהייט; מענשינסטוואָ — מינאָריטעט).

די מינאָריטעט האָט זיך ניט אונטערגעגעבען און די פאַרטיי איז פונאַנדערגעפאַלען אויף צוויי גרופּפּען, וואָס פיהרען צווישען זיך א מלחמה ביז היינטיגען טאָג; זיי האָבען זיך שוין עטליכע מאָל פעראייניגט און צוריק פערנאַנדערגעגאַנגען זיך.

2.

פיעלע און גרויסע אנשטריינגונגען פאַר דער צייט זיינען געמאַכט געוואָרען צו פעראייניגען ביידע פראַקציעס אין איין פאַרטיי. ספּעציעלע קאָנפערענצען, צוזאַמענפאָהרען זיינען צונויפגערופען געוואָרען אום צו מאַכען אַ סוף פון דער שפּאַלטונג. פיעלע גרופּען מיט פראָמינענטע און אנערקענטע ס. ד. אנפיהרער האָבען זיך געגרינדעט מיט דעם ספּעציעלעם צוועק: אָבשאַפען דעם קריעגסצושטאַנד אין דער פאַרטיי. און צום סוף זעהען מיר, אַז ניט בלויז די פאַרטיי, נור אפילו די ס. ד. דומאַ־פראַקציע האָט זיך אויך צושפּאָלטען אין צוויי פיינדליכע גרופּפען.

די רוסישע קאָנסטיטוציע איז נאָך זעהר יונג, זי איז אין גאַנצען 8 יאָהר אַלט. דאָך האָבען מיר שוין די פיערטע דומאַ. אין אַלע דומאַס האָט דער רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט געהאַט זיינע פערטרעטער. געזויס זיינען צווישען די דעפּוטאַטען פאָרגעקומען אָפטע מחלוקות און סכסוכים. נור אין יעדער דומאַ האָבען מיר געהאַט נור איין פראַקציע, און די איינהייט פון די דומאַ־פראַקציעס, האָט געהאַט א גרויסע מאָראַלע בעדייטונג — זי האָט געוויזען, אַז די געמיינזאַמע ארבייט איז מעגליך אין דער רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטיע; דערמיט אַליין איז זי געווען אַ לעבעדיגער פּראָטעסט געגען די רייסעריען צווישען די פראַקציעס אין דער פאַרטיי.

און מעהר ווי אימער וואָלט איצט בעזאָנדערס אַזאַ סימבאָל פון איינהייט נויטיג געווען. די לאַגע אין רוסלאַנד ווערט יעדען טאָג אנגעשטרענגטער. אַלע לעבעדיגע געזעלשאַפטליכע גרופּפען קעהרען זיך אָפּ פון דער רעגיערונג. זאָגאַר די אקטיאבריסטען, די טרייע רעגיערונגס משרתים, טרעטען ארויס מיט שאַרפע רעזאָלוציעס געגען דער רעגיערונגס־פּאָליטיק און פאָדערען רעפאָרמען. גרויסע וויכטיגע אויפגאַבען שטעהן איצט פאַר דעם אַרבייטער קלאַס, וועלכער פונקט ווי אין 1905 יאָהר בלייבט די פיהרענדע קראַפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. און אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז די לאַגע פון דער ס. ד. בעזאָנדערס שווער, איהר פעראַנטוואָרטליכקייט בעזאָנדערס גרויס.

פיעלע ס. ד. אָרגאַניזאַציאָנען האָבען ריכטיג אָפּגעשאַצט די נייע לאַגע. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז איצט איז די איינהייט אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע בעזונדערס וויכטיג. באַלד נאָך די לענאַ־געשעהנישען (1912) האָט זיך אין רוסלאַנד געבילדעט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע מיט אַ בעשטימטען צוועק — צו פעראייניגען די פאַרטיי, וועלכע איז כמעט ווי חרב געוואָרען אין דער שווערער צייט פון דער קאָנטר רעוואָלוציע. צו דער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע זיינען צוגעשטאַנען דער „בונד“, די לעטישע ס. ד. און אויך אַנדערע שטאַרקע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָנען.

די קאָמיטע האָט צונויפגערופען אַ קאָנפערענץ, נור די איינהייט איז אַלין ניט געשאַ־

פען געוואָרען. די באָלשעוויקעס זיינען אויף דער קאָנפערענץ ניט געקומען. זיי האָבען צונויפגערופען א בעזונדערע קאָנפערענץ און האָבען מיט נייער און פרישער ענערגיע אָנגעהויבען זייער אַלטע פראַקציאָנס פּאָליטיק, וועלכע האָט זיך איצט פערענדיגט מיט דעם, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען ארויסגעטרעטען פון דער דומא פראקציע און האָבען געבילדעט אַ בעזונדער גרופּע אין דומאַ.

פאר וואָס זיינען די 6 באָלשעוויקעס פון דער ס.־ד. פראַקציע ארויסגעטרעטען?

אומזיסט וועט איהר אויף דער פראַגע זוכען א תירוץ אין די ערקלעהרונגען פון די 6 דעפּוטאַטען. איהר וועט אויך דעם תירוץ ניט געפינען אין דער טהעטיגקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דומאַ. די אורזאַכע פון אָט דער שעדליכער, אונזיניגער האנדלונג ליעגט גאנץ טיעף — אין דער אַנארמאַלער געשיכטע פון דער רוסישער ס. ד. אַרבייטער פּארטיי.*)

.3

פון ערשטען בליק איז שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי קען די שפּאַלטונג אין דער אָרגאַניזאַציאָנס פראַגע האָבען אַזאַ לאַנגען קיום. פאר די 10 יאָהר האָט זיך שוין די אָרגאַניזאַציאָנס פאָרמע פון דער פּארטיי פיעלע מאָל געביטען. דער אמת איז אָבער, אַז די שפּאַלטונג אין דער אָרגאַניזאַציאָנס פראַגע איז נור געווען אַ פאָרמעלער אויסדרוק פון א סך אַ טיעפערער שפּאַלטונג. דער קאַמפּף ארום דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע איז אין דער ווירקליכקייט געווען א קאַמפּף פון צוויי פערשיעדענע ריכטונגען: ווי אַזוי זאָל זיין די שטעלונג און וואָס איז די ראָלע פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע בנוגע צום אַרבייטער קלאַס א י ן ד ע ר צ י י ט פ ו ן ד ע ר ר ע װ א ָ ל ו צ י ע.

די מענשעוויקעס האָבען דעם שווערפּונקט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער טהעטיגקייט געזעהן אין דער שאַפונג פון א ברייטער מאַסען־בעוועגונג.

אין 1903 האָבען זיי געפאָדערט, אַז די טהירען פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלען ניט זיין געשלאָסען פאר די אלע וואָס ווילען אין איהר אַריינטרעטען.

אין 1904, ווען אַ דאַנק דער מלחמה זיינען ביי אונז פאָרגעקומען ליבעראַלע באַנקעטען, האָבען די מענשעוויקעס אויפגעפאָדערט די אַרבייטער צו ערשיינען אויף די באַנקעטען, כדי צו בעגעגענען זיך פּנים על פּנים מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

אין ענדע 1905, ווען, אויף דער אַרבייטער גאַס האָט אַזוי מעכטיג אויפגעשטורעמט, האָבען די מענשעוויקעס אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון פרייע ברייטע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס: ראַטען פון אַרבייטער דעפּוטאַטען, צוזאַמענפאָהרען און ד. ג.

אין אַנפאַנג פון 1906 האָבען זיי גערופען אַנטהייל צו נעהמען אין די דומא וואהלען און אויסצונוצען די דומא.

אין דער צייט פון דער קאָנטרעוואָלוציע האָבען זיי גערופען די אַרבייטער מאַסען אָבצוהיטען די פערבליעבענע פרייהייטען און קעמפּפען פאר נייע, אויסצונוצען אלע לעגאַלע מעגליכקייטען און שטרעבען זיי צו פערגרעסערען; זיי האָבען די ערשטע געמאַכט די פּראָבע צו שאַפען א לעגאַלע אַרבייטער פּרעסע.

איצט שטעלען די מענשעוויקעס אַרויס אַזעלכע קאַנקרעטע פאָדערונגען, ווי, צום ביישפּיעל, בשעת די וואהלען — אַלגעמיינע וואהלרעכט; ווען מען האָט פערמאַכט ביידע אַרבייטער צייטונגען („לוטש“ און „פּראַוודא“) — פרייהייט פון פּרעסע. און ז. וו. און דאָס אַלעס האָט געהאַט בלויז איין ציעל: אַריינצוציהען די ב ר י י ט ע אַרבייטער־מאַססען אין פּאָליטישען קאַמפּף און אָט אויף דעם באָדען צו בעשאַפען אַן אמת'ע ס. ד. אַ ר ב י י ט ע ר פּאַרטיי.

אַ גאַנץ אַנדערע ליניע האָבען געפיהרט די באָלשעוויקעס.

זיי זיינען ארויסגעטרעטען געגען אָפענע, פרייע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין 1905, מורא האָבענדיג, אַז דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אוואַנגאַרד זאָל דאָרט ניט בטל בששים ווערען צווישען דער ברייטער אונגעוויסענדער אַרבייטער מאַסע.

זיי האָבען געפריידיגט באָיקאָט פון דער ערשטער דומא, ווייל . . . מען האָט געדאַרפט זיך פאָרבערייטען צו אַ פאָלקס אויפשטאַנד און די וואהלען האָבען געקענט שטערען.

זיי האָבען שטאַרק קריטיקירט די לעגאַלע אַרבייט, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דער עולם וועט פערגעסען די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען, די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און וועט זיך צוגעוואָהנען צו די איצטיגע בעדינגונגען.

איבער די זעלבע אורזאַכען טרעטען זיי אויך אַרויס געגען קאַנקרעטע קליינע פאָדערונגען.

די באָלשעוויקעס, אין זייער טאַקטיק, האָבען נור איין בעשטימטען צוועק: צו שאַפען אַ פעסטע, אונלעגאַלע, שטרענג דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע פון דעם ס. ד. א װ א נ ג א ר ד. די ביידע ריכטונגען זיינען געוויס געגענזעצליכע,

---

*) מיר רעכענען איבערהויפּט פאַר איבעריג זיך אָבצושטעלען אויף דער טאַקטלאָזער ערקלעהרונג פון די באָלשעוויקעס. זייערע אָנגריפע געגען דעם „נאַציאָנאַליסטישען בונד“ זיינען בעזונדערס אָנגענעהם געווען . . . פאַר אַלע שוואַרצע־מאה'ניקעס אין רוסלאַנד. און דאָס אליין ווייזט אויף וויפיעל די גאַנצע ערקלעהרונג איז געווען אם פּלאַץ.
דר. מ. ג.

צו פעראייניגען זיי וואָלט ווירקליך געווען שווער און אפשר זאָגאר אונמעגליך, ווען . . . דער קאמפף זאָל פאָרקומען אין וויסטען מדבר פון אבסטראקציע. אין אמת'ן אָבער קומט דאָך דער קאמפף פאָר אין אַ בעשטימטער היסטאָרישער סביבה. די היסטאָרישע ווירקליכקייט נעהמט שטענדיג דאָס וואָרט ניט אָנפרעגענדיג זיך ביי די פראקציעס און איהר וואָרט האָט אָפט די קראפט פון אן אייזערנעם געבאָט — דעם געבאָט פון די אונפערמיידליכע אומשטענדען.

ניט איין מאָל האָט די היסטאָרישע ווירקליכקייט געמאַכט צו נישט די פאָלעמיק פון די פראקציעס. אונזער פלאטין איז בעגרענעצט און מיר ווען זיך נור אָפשטעלען אויף איינינע ביישפיעלען, וועלכע מיר האָבען פריהער בעריהרט.

די באלשעוויקעס האָבען גערופען צו באָיקאטירען די ערשטע דומא און צו בעשעפטיגען זיך מיט פאָרבערייטונגען צום פאָלקס אויפשטאַנד. נור דער עולם האָט זיי ניט געפאָלגט. די אַרבייטער מאַסע איז געווען אויסגעמאטערט פון די סטרייקס. די דומאַ איז געוואָרען דער צענטר פון געזעלשאַפטליכער לעבען. וואָס פאר אַ ברירה האָבען דאן געהאַט די באלשעוויקעס? זיי האָבען זיך, אמת, ניט געוואָלט שלאָגען הטאתי, נור בעת די וואהלען אין דער צווייטער דומא האָבען זיי שוין מעהר פון באיקאט ניט גערעדט.

נאָך שעהנערעס האָט פאסירט מיט דער פראגע וועגען לעגאלער אַרבייט. די באלשעוויקעס האָבען שרעקליך געקעמפפט געגען איהר. נור נאָך די לענאַ־געשעהנישע האָבען די באָלשעוויקעס אָנגעהויבען ארויסצוגעבען א לעגאַלע טעגליכע צייטונג. און דאָס איז געווען די ערשטע טעגליכע אַרבייטער צייטונג נאָך דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

מען וואָלט געקענט דעם צעטעל פערלענגערען, נור דער פועל יוצא איז שוין גאַנץ קלאָר: די פראקטיק בעשאַפט דעם נויטיגען בריק איבער דעם אָבגרונד, וואָס טהיילט פערנאַנדער די פראַקציעס אין דער טעאָריע.

איינפאַכער גערעדט: די שפאַלטונגען זיינען א סך שטאַרקער אויפ'ן פאַפיער פון דער פאַרטיי־ליטעראַטור, איידער אין דעם ווירקליכען לעבען. די געמיינזאַמע אַרבייט איז ניט נור נויטיג, — זי איז אויך מעגליך. דאָך האָבען מיר זי ניט. און מיר שטעהען פאַר דער פראַגע: ווער איז דער, וואָס שטערט דער געמיינזאַמער אַרבייט?

מיר שיינט, אז אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר פון דער פאַרטיי האָט זיך שוין ריכטיג און קלאָר ארויסגעוויזען, וואו עס ליעגט די שולד. א בילד, פול מיט ווידערשפריכע, האָבען מיר געזעהן אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר. פון דער אויסערער זייט—א גרויסע געזעלשאַפטליכע קראַפט — הונדערטער פאָרשטעהער פון דעם אַרבייטער קלאַס פון אַלע עקען פון רוסלאַנד, — פון דעם קלאַס, וועלכער האָט דורכגעפיהרט אַזאַ גלענצענדע רעוואָלוציע, פון דער צווייטער זייט אָבער — האָט זיך געפיהלט א טרויעריגע מאַכטלאָזיגקייט, א טיעפע קראַנקהייט.

די אנוועזענהייט פון די דומאַ־דעפוטאַטען האָט בעזונדער קלאָר געמאַכט דעם טיעפען ווידערשפרוך צווישען דער אויסערליכער קראַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און איהר אינווענינסטער קראַנקהייט. גאַנץ רוסלאַנד, — סיי די שטאָדט, סיי דאָס דאָרף, — האָט מיט אַ געשפאַנטען אינטערעס זיך צוגעהערט צו די רייד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַט'ישער דומאַ פראַקציע. די פראַקציע איז געווען דער מיטעלפונקט, צו וועלכען עס האָבען זיך געטראָגען די האָפנונגען פון פאָלק; געגען איהר האָט די רעאַקציע די צייהן געשאַרפט. און דאָ, אין לאָנדאָן, איז געזעסען די מוטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי, מיט'ן שווערען לאַסט פון אַלטע נאַרישע מחלוקות, ווייט פון לעבען, פון שלאַכט־פעלד.

קוקענדיג אויף דער פאַרטיי פון איין זייט און אויף דער דומאַ־פראַקציע פון דער צווייטער זייט האָבען מיר לייכט געקאָנט פערשטעהן די אורזאַכע פון דער קראַנקהייט פון דער פאַרטיי. דאָס איז געווען די קראַנקהייט פון אַן אָדלער, וואָס מען האָט פערשפאַרט אין אַן אייזערנער שטייג.

דאָס יאָהרען לאַנגע לעבען אונטער דער ערד האָט אָבער געשאַפען אַן אונטערערדישע פסיכאָלאָגיע. און די פסיכאָלאָגיע האָט געפונען איהר אויסדרוק אין דער לאָגיק פון דעם באָלשעוויזם. וואָס נעהענטער מיר ווערען צום פרייען הימעל, אַלץ שטאַרקער ווערט דער אונטערערדישער פאַנאַטיזם. די לעצטע שפאַלטונג איז א רעזולטאַט פון דעם אנגעשטרענגטען קאַמפף צווישען דעם נעכטען און דעם מאָרגען פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

„דורך שפאַלטונג צו פעראייניגונג“—דאָס איז די פאָרמולע פון די אינוועניגסטע בעציהונגען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, נור די שפאַלטונג איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אזוי טיעף ווי איצט, און דאָס בעווייזט נור, אַז מיר שטעהען אויף דער שוועל פון אַן אמת'ער פעראייניגונג. נור איצט וועט די פאַרטיי פעראייניגט ווערען ניט דורך די אָדער אַנדערע פראמינענטע אָנפיהרער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער מאַסע וועט מוזען זעלבסט די פעראייניגונג דורכפיהרען. און מיר קענען מיט פרייד קאָנסטאַטירען, אַז אַזאַ בעוועגונג האָט זיך ווירקליך אָנגעהויבען אויף מאָרגען נאָך דער שפאַלטונג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומאַ־פראַקציע.

יואל סלאָנים

די פערלאָזטע כלה

1.

אין די גראָהע, קאַלטע אבענדס פון דעם
ווינטער פלעגסטו זיצען
אין דיין קליינעם, קליינעם צימער אזוי
איינזאם און אליין,
בענקען נאָך די נעכט פון פריהלינג, נעכט
פון ווילד־צושפּיעלטע בליצען,
פלעגסט א שוידער טהאָן און נאָכדעם טיעף
דערשטיקען דיין געוויין....

פלעגסט א שפּרונג טהאָן פון דער זאָפע
און א לאָף טהאָן צו דעם פענסטער,
קוקען, קוקען אויף דער וויטקייט פול
מיט אייז און פול מיט שנעע,
פלעגסטו שאָטענס זעהן, פון וויטען זיינען
דאָס געוועזן געשפּענסטער,
פלעגסטו איינגראָבען דיין פנים אין די
שויבען ווילד מיט וועה....

„ער וועט קומען, ער וועט קומען", האָט
דיין הארץ דיר שטיל געשעפּטשעט,
„לאנג און שווער איז יעצט די רייזע אין
דעם טיעפען שנעע אהער",
נור די נעכט פלעגסטו פערברענגען ווי אין
קאַלטען, פוילען קבר,
און דיין איינציג, איינציג חבר איז געוועזן
דיין אייגען טרעהר....

אין די גראָהע, קאַלטע אבענדס פון דעם
ווינטער פלעגסטו זיצען,
יוגענד׳ס צויבער־רייכע שלעסער פלעגען
בלאַנקען אזוי שעהן,
פלעגסט זיך טונקען אין דעם ים־שוים,
וועבען טרוימען, ווארפען בליצען,
דאַן א קוק טהאָן אין דעם פענסטער,
בלייבען איינזאם און אליין...

2.

דרויסען איז א שטורם־וועטער,
ס׳פליהט דער שנעע זיך און ער יאָגט,
און פון וואַלד מיט בלייכע בלעטער,
הערט זיך עמיץ זיפצט און קלאָגט....

שפּעט ביי נאַכט. עס שלאָפען אלע,
שווער מיט טרויער איז די נאכט,
ס׳זיצט נור די פערלאָזטע כלה,
און זי שמייכעלט און זי לאכט....

יעדער טייך איז יעצט פערפראָרען,
יעדער וועג איז יעצט פערשנעעט,
ס׳א געפאהר איז יעצט צו פאָהרען,
אומעדום נור קוקט דער טויט....

ווי א וויעדמע טאנצט דער ווינטער,
אויף דעם בארג און אין דעם טהאָל,
און דערשרעקט די מילדע ליעבע,
און דערטרינקט דעם זיסען קול...

פליה אוועק, דו בייזער ווינטער — — — —
בלומען שמייכלען אזוי שעהן,
פויגלען זינגען, טייכען רוישען,
און די הימלען גאָלדיג־רייַן....

און פריהמאָרגען פאָהרט א פוהר צו,
עמיץ קלאַפּט אָן אין דער טהיר,
אויף דעם שוועל שטעהט א פערפּוצטער,
און ער שמייכעלט ליעב צו איהר....

און זי פאלט איהם אויפ׳ן הארצען,
ווייַנט פון שמחה אויף זיין ברוסט,
און די בלומען לאכען, בליקען,
און דער הימעל גליהט מיט לוסט...

דרויסען איז א שטורם־וועטער,
אלע שלאָפען. שפּעט ביי נאכט,
ס׳זיצט נור די פערלאָזטע כלה,
און זי שמייכעלט, און זי לאכט....

בעל מחשבות

די אידישע יוגענד אין די 90-ער יאהרען

(אין די אויסלענדישע קאלאניעס)

.1

עס איז שוין אן אלטער כלל פאר'ן געשיכטע־פארשער און דעם סאציאלאג, אז די מעשה מיט דוד'ן און גלית הפלשתי חזר'ט זיך איבער עטליכע מאל אין איטליכען יאהרהונדערט. קומט זיך מיט א מאל צו געהן אזא דוד'ל, א פאסטוכ'ל פון דארף און אונטערשטעהט זיך תמימות'דיג צו פיהרען א מלחמה מיט א גלית'ן, פאר וועמען די גרויסע און געניטע שטאדט־לייט האבען אזא פחד.

ווער האט דאס געקענט פאראויסזעהן צו שאול'ס צייטען, אז אט דער דוד'ל וועט מיט זיין אינגלישער תמימות מאכען א גאנצע איבערקעהרעניש און וועט בעפרייען א מאל זיין פאטערלאנד פון א געוואלדיגען נישט בעזיעגבארען שונא?

די אידישע יוגענד אין די 90־ער יאהרען איז אויך געווען אזא מין דוד'ל, וואס האט תמימות'דיג געגלויבט, אז זי קען אונטערנעהמען א קאמפף קעגען אלערליי פלישתים'שע גלית'ען.

ווי בעקאנט, זיינען אין די דאזיגע יאהרען פערפלאנצט געווארען די זוימען, פון וועלכע עס זיינען שפעטער אויסגעוואקסען אלערליי סאציאליסטישע און נאציאנאליסטישע פארטייען ביי אידען.

צו יענער צייט קען שוין דער רעטראספעקטיווער (צוריקבליקענדיגער) בעאבאכטער בעמערקען די ערשטע שפראצונגען, סיי פון אלגעמיינעם סאציאליזמוס, סיי פון בונדיסטישען, סיי די שפראצונגען פון שפעטערען הערצל'ישען ציוניזמוס, סיי פון די אלגעמיינע נאציאנאליסטישע אידעען, וואס האבען שטארק רעפארמירט די אידישע נשמה.

אפשר איז גראד דער כח פון דער דעמאלדיגער יוגענד בעשטאנען דערין, וואס זי איז געווען נאאיוו קליינשטעדטעל'דיג, האט זיך נישט געשראקען פאר די גדלות'דיגע פאזעס פון אלערליי גלית'ען, וועלכע האבען געקיניגט איבער די עפענטליכע מיינונג, געקיניגט איבער זיי מיט'ן קאנטשוק, מיט'ן כח פון הארמאטען און דעם פאלשען צוזאג פון א גוטען לעבען, ווען מען וועט פאלגען זייער בעפעהל.

די יוגענד פון די 90־ער יאהרען האט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואס ביי איהר האבען זיך די געדאנקען נישט אבגעשיידט פון דער טהאט. די גרויסע, די געניטע, די אנגעפראקטיקירטע האבען אפשר פערשטאנען די נייע געדאנקען נישט ערגער און אפשר נאך בעסער פאר די יונגע. נאר טאקע צוליעב דעם *בעסער פערשטעהן* זיינען זיי געבליעבען ביי די געדאנקען, מורא האבענדיג דאס צו פערוואנדלען אין טהאטען.

דער כח פון דער יוגענד איז בעשטאנען גראד אין איהרע פעהלערען, גראד אין דעם, וואס זי איז געווען נאאיווער, בלינדער, וואס זי האט ווייניגער פערשטאנען אין וואס עס ליעגט גלית'עס קראפט, וואס זי האט בכלל ווייניגער פערשטאנען דאס געביי סיי פון דער געזעלשאפט, סיי פון איהר אייגענער נאציאן מיט אלע רעדלעך און שרייפלעך.

און אט אין דעם *נישט־פערשטעהן*, אדער אין דעם *נישט־וועלען־פערשטעהן* איז געלעגען דוד'ס קראפט.

דען דאס איז דאך ידוע, — ווי איינער א בעריהמטער קאסע־ברעכער האט אמאל געזאגט, — אז עס איז נישטא אזא זאך, וואס איז בעשאפען פון מענשליכע הענד, אז מענשליכע הענד זאלען דאס אויך נישט קענען צוברעכען. ס'איז נישטא אזא קונציגע אייזערנע קאסע, וואס דער קאסע־ברעכער זאל דאס נישט קענען עפענען; עס איז נישטא אזא געזעלשאפטליכע געביי, וואס א נייע, א פרישע געזעלשאפט זאל דאס נישט קענען צופיצלען און צודריבלען.

אט מיט דער אמונה אין זייערע רעוואלוציאנערע אידעאלען איז די יוגענד בלינד און נאקעט ארויס קעגען די אידעאלען פון דער אלטער געזעלשאפט, וועלכע האט שוין אוספעיעט זיי צו בעפעסטיגען מיט הארמאטען און מיט, שטארקערע פון הארמאטען, פערשיעדענע שטאנדעס־ און קלאסען־אינטערעסען, וואס האט דער נאאיווער יוגענד דאך ווייניג וואס געשראקען.

„אין דענעמארק איז עפעס פויל“, האט זיך געפלאנטערט אין קאפ פון דער יוגענד, און כאטש מען ווייס ניט גענוי, וועלכער ארט איז פויל און וואו עס איז לייכטער צו בעזיעגען, אבער מן הסתם וועט דוד'ס שטיינדעל גראד טרעפען דעם פונקט, וואס איז שוין שטארק צופוילט.

.2

די אידישע יוגענד אין דער דערמאָהנטער עפּאָכע איז צוערשט שטאַרק געווען אונטער דעם איינפלוס פון די רוסישע נאַראָדניקעס (מיכאילאָווסקי, לאַווראָוו און אַנדערע), פון פּלעכאַנאָוו׳ס בוך „אין וואָס געהען מיר זיך פונאַנדער?“ (וואָס האָט צוערשט איינגעפיהרט די רוסישע יוגענד אין טעמפּעל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעען), און פון די נישט קלאָרע אידעען פון די חובבי ציון, בילוי׳צעס פון די אַכציגער יאָהרען.

די נאַראָדניקעס, וואָס האָבען שטאָהל און אייזען געהאַלטען פון דער *מורא׳דיגער ווירקונג פון דעם קלאָרען בעוואוסטזיניגען קריטישען איינצעלנעם מענשען אין דער געזעלשאַפט*, זיינען שטאַרק אריינגעדרונגען אין הארצען פון דער יוגענד, וואָס איז בטבע שטענדיג נוטה צו גלויבען, אַז דאָס אינדיווידום, דער איינצעלנער, איז בכח וועלטען איבערצוקעהרען. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס סיי מיכאַילאָווסקי, סיי לאַווראָוו האָבען נישט געגלויבט אין „העלדען“ און האָבען געלערנט, אַז איטליכע גרויסע היסטאָרישע עפּאָכע ווערט נישט געמאַכט פון *איינעם*, נור פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, — האָבען זיי דאָך ערקלערט דער יוגענד, אַז דער בעוואוסטזיניגער ענערגישער איינצעלנער האָט אפשר נישט קיין איינפלוס אויף דער עפּאָכע, *אָבער אין די שטילע צווישען־צייטען, צווישען איין און אַ צווייטער עפּאָכע, שפּיעלט ער אַ גרויסע און וויכטיגע ראָלע*. מיט איין האַנד האָבען די נאַראָדניקעס מבטל געמאַכט די *פּערזענליכקייט* אין דער געשיכטע, און מיט דער אַנדערער, *דער לינקער*, האָבען זיי אויפגעהויבען איהר ווערדע און גערופען דעם יחיד צו זיין דער העלד אין די פינסטערע, שטילע „צווישען־צייטען“ פון דער עפּאָכע. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די יוגענד האָט זיך מעהר צוגעקוקט צום וואונק פון דער *לינקער* האַנד, ווי צום זשעסט פון דער רעכטער. דען נאָר די לינקע האָט געקענט אָנווייזען דער יוגענד אַ וועג צו אַ ענערגישען טהעטיגען, נוצליכען און אידעאַלען לעבען.

אַ צווייטער טייל פון דער יוגענד איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון פּלעכאַנאָוו׳ען, וואָס האָט ענטדעקט פאַר איהר אַ נייע שטיץ־קראַפט, אַ נייעם אַרכימעדעס־פּונקט, דורך וועלכען מען וועט קענען איבערקעהרען דאָס רעאַקציאָנערע רוסלאַנד. מיט אַ קלאָרע, לייכטע לאָגיק, בעשאַפען פאַר אַ יוגענד, וואָס טאַנצט פער׳חלומ׳ט איבער דינע ברעטער־בריקען פון אָבגרונדען, האָט ער איהר געוויזען, אַז רוסלאַנד ווערט אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, מיט מיליאָנען אַרבייטער, מיט נאַטירליכע קעמפּפער פאַר אַ פרייערע און גערעכטיגערע רעגיערונג און אָרדנונג. און כאָטש פּלעכאַנאָוו האָט לויט זיין מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע צוגענומען די קרוין פון דער פּערזענליכקייט, וואָס קאָן בכבודה ובעצמה אָבטהון אין „צווישען צייטען“ מורא׳דיגע טהאַטען, כאָטש פּלעכאַנאָוו האָט דייטליך ערקלערט דער אינטעליגענטער יוגענד, אַז אָהן אַן אַרבייטער־קלאַס וועט זי גאָרנישט אויפטהון, — אָבער ער האָט איהר דייטליך אָנגעוויזען אַ וועג, וואָס פיהרט צו שטאַרקע מלחמות און צו אַ זיכערען נצחון, — וואָס איז שטענדיג דער איינציגער וועג פון אַ בעגאַבטער ענערגישער טהעטיגער יוגענד.

אַ דריטער טייל, (אין אנפאַנג פון די 90־ער יאָהרען, כמעט געצעהלטע סטודענטען), איז געשטאַנען אונ־טער׳ן איינפלוס פון מאָזעס העס, דר. פינסקער, ליליענבלום, אחד־העם, די בילוי׳צעס און די אַנדערע חובבי־ציון. די דאָזיגע יונגע לייט האָבען נישט פערבונדען זייער צוקונפט מיט דער צוקונפט פון א בעפרייטען רוסלאַנד. זיי האָבען בכלל געהאַט ווענינ צוטרויען צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער יוגענד, נאָכדעם ווי מאַנכע רעוואָלוציאָנערען האָבען אין די פּאָגראָם־צייטען געוואָלט אויסנוצען די שטימונג פון פויער צו זייער נוצען און צום שאדען פון אידישע קיישענס און פערינעס. זיי, די נאַציאָנאַליסטיש־פיהלענדע אידישע יונגע לייט, האָבען זיך געטראָגען מיט אַנאַנדער פאַנטאַסטישער פּאָרשטעלונג. זיי האָבען גע׳חלומ׳ט פון א יודענטהום, פון א גאַנצער אידישער נאַציאָן, פון א יודענשטאַאַט; דערפון—אויפצוהערען צו זיין אַ גאַסט צווישען פעלקער און צו ווערען א בעל הבית אויף זיך אליין. די ערשטע פּראָבע פון דער פּאַלעסטינאַ־בעוועגונג האָט זיי געגעבען די האָפנונג, אַז פּאַלעסטינאַ קען נאָך ווערען ווידער א אידיש לאַנד. זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון קאַמפּף מיט׳ן רעאַקציאָנערען רוסלאַנד, שפּאָרענדיג די כחות (ווי מאַנכע פלעגען זאָגען) אויף דער רעוואָלוציע מיט דער מערקישער רעגיערונג פאַר נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט אין לאַנד פון אונזערע אבות.

אין אָנפאַנג פון די 90ער יאָהרען איז נאָך די שפּראָצונג פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזמוס געווען זעהר שוואַך און אין לעבען פון דער רוסישער יוגענד אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס האָט דער נאַציאָנאַליזמוס ניט געשפּיעלט קיין ראָלע (אַ חוץ בערלין און מאָנפּעליע). דער נאַציאָנאַליזמוס אָבער ביי דער אידישער יוגענד האָט זיך אויסגעצייכענט מיט די אייגענע מעלות און חסרונות, וואָס די אָנפאַנגע פון די אַנדערע בעוועגונגען. דער אידישער נאַציאָנאַליסט איז געווען ניט ווייניגער אידעאַליסטיש געשטימט; ניט ווייניגער מוטיג און

טהעטיג, ווי דער אידישער נאַראָדניק און סאָציאַל־דעמאָקראַט.

זיי האָט אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע ניט אַזוי דער גראַד עהרליכקייט, לויטערקייט פון די געזינונגען, ניט אזוי דער אמת'ער ווילען וואָס גיכער צו בעפרייען אונגליקליכע און געקנעכטעטע פון א געוויסען דרוק, — ווי דאָס ציעל, וואָס איטליכער טהייל פון דער יוגענד האָט געשטעלט פאַר זיך אין דער געגענוואַרט און צוקונפט. און דעריבער טאַקע איז אין אָנפאַנג פון די 90ער יאָרען כמעט קיין קאַמפף ניט געווען צווישען דער יוגענד. עס איז געווען די ניט־קלאָרע ענטוויקלונגס־צייט פון די פאַרטייען, וואָס האָבען נאָך געהאַט געמיינזאַמע אינטערעסען, און אַלע פלעגען זיך אָפט צונויפקומען צוזאַמען אויף רעפעראַטען און דיסקוסיאָנס־אבענדען. אין יאָהר 1895, למשל, האָבען די שפּעטער בעקאַנטע סאָציאַליסטען, בונדיסטען און ציוניסטען זיך פעראייניגט אָהן שום פּרינציפּיעלען קאַמפף מכח א אידישען פערלאַג פון פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע ביכער פאַר'ן פּשוט'ען פאָלק.

.3

ווער זיינען געווען די סטודענטען אין די קאָלאָניעס אין דער דערמאָהנטער צייט? פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? פון וואָס פאַר א אידישען שטאַנד האָבען זיי געשטאַמט? וואָס פאַר א בילדונג און קולטור־באַגאַזש האָבען זיי מיטגעבראַכט פון דער היים? צי זיינען זיי געקומען פון די גרויסע שטעדט, אָדער פון די שטעדטלעך אין דער אונגעבילדעטער רוסישער פּראָווינץ?

איך שרייב דאָ ניט קיין עראינערונגען, און דעריבער גיב איך ניט איבער די ענג פּערזענליכע איינדריקע מיינע, נור דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט סיי ביי מיר, ווי ביי א סך פון מיינע צייט־חברים.

אין די קאָלאָניעס האָט מען געקענט אונטערשיידען צווישען די אידישע סטודענטען פערשיעדענע טיפּען. ערשטענס, אַזוינע, וואָס זיינען געקומען פון דער היים אָהן א שום אייראָפּעאישע בילדונג (מייסטענס ישיבה־בחורים). דער טיפּ האָט זיך אפילו דעמאָלסט ניט געוואָרפען אין די אויגען (דער גרעסטער טהייל האָט געקלערט ווערען ראַבינער), אָבער ער איז געווען גענוג פערטראָטען. צווייטענס, אַזוינע, וואָס האָבען ניט פערענדיגט זייער בילדונג צוליעב פערשיעדענע פּאָליטישע אָדער האַלב־פּאָליטישע סבות; דריטענס, אַזוינע (רייכערע), וואָס קומען קיין אויסלאַנד, ווייל די עלטערן האַלטען מעהר פון די אויסלענדישע אוניווערזיטעטען, אָדער, וואָס ווילען בעקומען א ספּעציעלע אויסבילדונג; פיערטענס, יונגע לייט מיט גרויסע פעהיגקייטען, וואָס מען האָט פערשאַפט די מעגליכקייט צו בעקומען אין אויסלאַנד א סיסטעמאַטישע בילדונג, למשל, מוזיקער, מאַלער, מאַטעמאַטיקער, און, פינפטענס, געענדיגטע אין רוסלאַנד, וואָס קומען זיך צו פערפאָלקאָמנען.

די מעהרסטע סטודענטען האָבען זיך גענומען פון די ק ל י י נ ע אידיש־רוסישע שטעדט, האָבען אנגעהערט צום אָרימען בעל הבית'ישען שטאַנד, און זיינען געווען שוואַך בעמיטעלט. זעהר קליין איז געווען די צאָהל פון די רייכערע סטודענטען, און נאָך קלענער איז געווען די צאָהל פון די, וואָס זיינען געקומען פון ג ר ע ס ע ר ע רוסישע שטעדט, ווי, למשל, אדעס, חאַרקאָוו, קיעוו א. ז. וו.

דער גרעסטער טייל סטודענטען האָט ניט מיטגעבראַכט קיין גרויסע בילדונג פון דער היים. סטודענטען מיט א פולער מיטעלער בילדונג איז ניט געווען כמעט בנמצא. וואָס אנבעלאַנגט דעם קולטור־באַגאַזש פון די סטודענטען — איז גענוג זיך פאָרצושטעלען די קולטורעלע סביבה פון א קליינער אידישער אָדער רוסישער פּראָווינץ־שטאָדט אין רוסלאַנד, אום צו בעגרייפען ווי קליין, ווי שרעקליך קליין דער דאָזיגער באַגאַזש איז געווען.

בכלל זיינען די סטודענטען אין די קאָלאָניעס אין די 90ער יאָהרען געווען שטאַרק ניט פאָרבערייטעט צו דער אויפגאַבע, און צו די פּראָבלעמען, איבער וועלכע זיי האָבען זיך געבראָכען דעם קאָפּ.

דאָס זיינען געווען קליינשטעדטעל'דיגע בחורים, (אויך מיידלעך), וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שום בעגריעף פון א העכערער קאַמפּליצירטער לעבענס־ און געזעלשאַפטס־פאָרם, וואָס האָבען בכלל ניט געהאַט קיין גענויערע פאָרשטעלונג פון דער מאַשינעריע פון מלוכה־ און פאָלקס־לעבען. ווען מען נעהמט נאָך אין בעטראַכט, דאָס די מעהרסטע יונגע לייט זיינען געקומען פון רוסיש־אידישע שטעדטלאַך, וואו עס איז אפילו ניטאָ קיין סימן פון א דעמאָקראַטישער פערוואַלטונג (אין ליטאַ און אין פּוילען איז נאָך עד היום ניטאָ קיין זעמסטוואָ), הויבט מען אָן צו בעגרייפען ווי ר ו י ה זיי האָבען געמוזט זיין, ווען זיי האָבען זיך גענומען אויפ'ן סמך פ ו ן ב י כ ע ר צו דיסקוטירען מכח א פרייע רעגיערונג און א פרייען בירגערליכען, נאַציאָנאַלען לעבען.

שטעלט זיך אָבער פאָר אין אייער דמיון א יונגען מאַן, וואָס איז געקומען פון א שניפּישאָק, איישישאָק אָדער לידאַ אין א שווייץ אָדער אין א בערלין, וואו דאָס לעבען איז אַזוי ניט עהנליך צו זיין היימישען לעבען, אין וואו ער דערפיהלט זיך מיט אמאָל ד אָ פּ ע ל ט פ ר י י. ערשטענס, פ ר י י פון דעם פּאָליטישען אבסאָלוטיסטישען דרוק, און צווייטענס, פ ר י י פ ו ן א י ט ל י כ ע ר ע פ ע נ ט ל י כ ע ר מ י י נ ו נ ג.

אין דער היים האָט מען ווי ניט געפיהלט

אויף זיך דעם יאָך פון טאטע־מאמע, פון שוועס־טער־ברודער, פון שטאָדטיגע בעל הבתים. ער איז דאָרט, אין זיין שטעדטעלע, געווען אן איי־גענער, א היימישער, און ער האט זיך אויף איטליכען טריט געמוזט רעכענען מיט דער קליינשטעדטעל'דיגער מיינונג, וואו איטליכער, אפילו דער קלענסטער, פיהלט זיך פ א ר א פ ע ר ז אָ ן, אויף וועלכען אַלע שטעלען אָב זייערע בליקען. דאָ אָבער, אין בערלין, אָדער אין דעם „האב'עלאַנד“ (אזוי זידלען זיך די די סטודענטען מכח שווייץ), האט ער ניט גע־פיהלט דעם יאָך פון דער ע פ ע נ ט ל י כ ק י י ט. דער סטודענט פון די 90־ער יאָהרען האט זיך ניט צונויפגעמישט מיט דער געבורטיגער בע־פעלקערונג אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס; ער האָט ניט גערעדט די שפּראך פון שווייצער אָדער בערלינער, ער האט בכלל שלעכט גע־קענט די שפּראך פון אוניווערזיטעט, וואו ער האט שטודירט. פריי און פראנק איז ער גע־גאנגען דורך די גאסען, פריי פון דעם שווערען בליק פון א רוסישער „נאטשאלסטוואָ“. פריי פון דעם פערזאָרגטען טאטע־מאמע־בליק, וואָס פערלאנגט פון קינד, אז ער זאָל זיך נעהמען צו עפּעס א תכלית.

לעגט נאָך צו צו דער דאָפּעלטער פריי־הייט די פערבעהאַלטענע ד ר י ט ע, דאָס ה פ ק ר'ש ע פון א יונגען בעגאבטען טהעטי־גען מענשען, וואָס איז פול מיט יוגענד־פּרע־טענזיעס און איז בלויז־נאקעט פון איירָאָפּעאי־שער בילדונג און קולטור, — וועט איהר זיך לייכט קענען פאָרשטעלען, דאָס דער אידישער סטודענט פון יענער צייט איז אפשר געווען דע־מאָלס דער פרייעסטער, גליקליכסטער מענש אין גאַנץ איירָאָפּאַ. ער איז ניט געגאַנגען, נור ער האָט געשוועבט. כאָטש קיין עראָפּלאַ־נען זיינען נאָך דאמאָלס ניט געווען, נור ער האָט זיך תמיד געפיהלט אין דעם צושטאַנד פון אן אוויאַטאָר, וואָס פליהט; וואָס פליהט וועניגסטענס אין זיינע געדאַנקען, איבער די אַלע שווערע, בלייערנע פאָראורטיילען פון דער געבילדעטער איירָאָפּאַ, און וואָס איז אַלין מבטל מיט'ן הויך פון זיין פרייען אָטהעם.

צו אַלעם דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס דער אידישער סטודענט האָט דענסטמאָל ניט געקענט האָבען קיין צובונד צו זיין היים, אַלס צו א טהייל פון זיין צוקונפט־לאַנד. דאָס לאַנד האָט ער ניט געקענט. דאָס רוס־לאַנד, וואָס האָט זיך איהם אויסגעמאָהלט אין זיין קאָפּ, איז געווען דאָס לאַנד פון די טורגע־ניעוו'ס און די טאָלסטאָי'ס, דאָס סימפּאַטישע לאַנד פון די קלאַג־מוטערס, די נאַראָדניקעס, דאָס לאַנד, וואָס לעבט אין זיינע ביכער, וואָס איז אין א סך פּרטים טיעפער, איידעלער, וועיכ־האַרציגער ווי איירָאָפּאַ, און וואָס איז איי־גענטליך א לאַנד פון מ ע ש ה ־ ב י כ ע ר, — ניט אזוינס, וואוהין מען קען אריינפאָהרען.

פון איירָאָפּאַ האָט ער אויך ניט געהאַל־טען, ווייל דאָס האָט ער שוין געוואוסט פון דער דעמאָליגער ליבעראַלער רוסישער ליטע־ראַטור, אז איירָאָפּאַ איז שוין אַלט, און אז דאָרטען טהוען די קאפּיטאַליסטען דאָס איי־גענע, וואָס אמאָל די אַריסטאָקראַטען. איירָאָ־פּאַ זאָרגט נור פאַר'ן חומר, עס איז גרויס מיט איהרע טעכנישע אויפטהועכצען, אָבער עס פערמאָגט ניט קיין הויכע אידעאַלען.

ליעב האָט ער געהאַט דעם פערשקלאַפּטען, איבערהויפּט דעם פּויער און דעם אַרבייטער. נור אזוי ווי אין שניפּישאָק וועט איהר א רו־סישען פּויער און אַרבייטער ניט געפינען אויף א רפואה, און אזוי ווי דעם אַרבייטער און פּויער אין איירָאָפּאַ זעהט ער אויך נור פון דער ווייטענס, — האָט זיך זיין ליעבשאַפט צו די געקנעכטעטע אויסגעדריקטע דאַרין, וואָס ער פלעגט זינגען מיט געפיהל נעקראַסאָוו'ס ליע־דער, און פלעגט מיט התמדה לויפען הערען א סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פאָלקס־רעדנער, וועל־כען ער האָט, נאַטירליך, שוואך פערשטאַנען, צוליעב זיין דייטשען לשון. אויך זיין ליעבע צו די געקנעכטעטע האָט איהם ניט געשמיעדט אין קייטען, האָט איהם ניט אָבגעשניטען א טהייל פון זיין זעלבסט־פרייהייט.

דעם אידישען סטודענט אין אָנפאַנג און אין מיטען פון די 90ער יאָהרען קען מען דאָ־רום פערגלייכען מיט א מענשען, אויף א הוי־כען, הויכען בארג, וואו דער אַטמאָספערען־דרוק איז מורא'דיג קליין, און וואו עס אטהעמט זיך אזוי וואונדערליך גרינג און לייכט. אַלע זיינע געדאַנקען, פּלענער, דמיונות, פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע פּראָיעקטען האָבען ניט געפיהלט דעם דרוק פון בילדונג, געזעלשאַפטס־קולטור, עפענטליכער מיינונג, ליעבע צו א פאָטערלאַנד, צו א בעשטימטען פאָלק א. ז. וו., א. ז. וו. ער איז אין א גע־וויסען זין געווען, ווי דער ע ר ש ט ע ר מ ע נ ש, ווי אדם אין גן עדן, נור מיט דעם חלוק, וואָס קיין בוים איז איהם ניט געווען פערבאָטען, וואָס קיין חוה האָט איהם ניט גע־פאַנגען אין איהרע חן־געריבלאָך, (דאָס ליעבעס לעבען פון א שניפּישאָק'ער בחור איז געווען ניט רייכער פון זיין טאַטע'ס, און זיינע בע־ציהונגען צו די מיידלאך־קורסיסטקעס זיינען געווען ריין און צניעות'דיג), און וואָס ער אַליין האָט זיך אָפּט מאָל געפיהלט אלס „די פּערזענ־ליכקייט, וואָס קען אין די שטילע צווישען־צייטען א. ז. וו.“, וואָס קען זיין כמעט א ג אָ ט פ אַ ר ־ ז י ך. (שלום קומט)

שלום אַש

די יורשים

אַ דראַמע אין 4 אַקטען.

Copyright, 1914, by Sch. Asch

פערזאָנען:

ה׳ מייזנער. אין די פופציגער יאָהרען.
מאַדאַם רעבעקאַ מייזנער, זיין פרוי. עטוואָס אינגער פון מאַן.
לעאָן, זייער זוהן. אין די דרייסיגער יאָהרען.
יוסטינאַ, זייער טאָכטער. אַ מיידעל פון 20 יאָהר.
ר׳ שמואל מייזנער, ה׳ מייזנער׳ס פאָטער. אַן אַלטער איד פון אַכציג יאָהר.
די הראַביניע דאָבראָווסקאַ, אַ פאָרנעמע פרוי אין די זעכציגער יאָהרען.
מיכאל דאָבראָווסקי, איהר זוהן. אין די דרייסיגער יאָהרען.
קאַרלינאַ דאָבראָווסקאַ, איהר טאָכטער. עטוואָס עלטער פון ברודער.
די אַם יוסטינאַ׳ס. אין די זעכציגער יאָהרען.
יאַן, אַ דיענער ביי ה׳ מייזנער.

אַלע פיער אַקטען — ביי ה׳ מייזנער אין הויז.
צייט: געגענוואַרט.

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט.

אין דעם סאַלאָן. אַ רייך מעבלירט צימער.

ה׳ מייזנער (רופט אַריין די פרוי דורך דער טהיר). רעבעקאַ, רעבעקאַ!

מאַד. מייזנער (קומט אַריין עלעגאַנט אָנגעטהאָן). האָסט מיך גערופען?

ה׳ מייזנער. יאָ. איך האָב עפּעס מיט דיר צו רעדען. (ער מאַכט די טהיר צו נאָך איהר). דער הראַביניע האָט אָנגעקלונגען, ער קומט באַלד אַריין אַהער.

מאַד. מייזנער. אַליין? (פּויזע).

ה׳ מייזנער (נאָכדענקענדיג). ווייסטו, ווען געהערט דער וויזיט?

מאַד. מייזנער. נו, און וואָס קלערסטו?

ה׳ מייזנער. וואו איז דאָס קינד?

מאַד. מייזנער. איז ביי זיך אין צימער. זי איז זעהר אויפגערעגט, זי געהט אַרום, צייט דער הראַביניע איז געקומען, ווי אויף אַן אַנדער וועלט; זי זעהט בלייך אויס. דאָס קינד ליידט, בערנאַרד.

ה׳ מייזנער (גערירט). מיין אָרים קינד! — דאָס האַרץ שניידט מיר... (ער שיקט איהר אַריין קושען דורך דער טהיר). אַלץ וועל איך טהאָן פאַר דיר, אַלץ.

מאַד. מייזנער. וואָס מיינסטו, איז דער הראַביניע אַ שידוך פאַר אונזער קינד?

ה׳ מייזנער (קוקט זיך אום, אויב קיינער הערט ניט). איך וועל דיר זאָגען מיט אַן אמת, מיין פריינד, אַז צופריעדען זיין פון שידוך בין איך נישט. ערשטענס, שטעהען זייערע מאַיאָנטקעס נישט גוט! טאַקע דער זוהן איז אַ סטאַטיק, נור דער פאָטער, דער געשטאָרבענער הראַביע — דאָס געלד ביי אידען איבערגעלאָזט. און איך וויל זיך נישט שטופּען, מיין פּרינציפּ איז שטענדיג געווען: סקראָמנע, איינפאַך, מען זאָל נישט הערען פון דיר, מען זאָל נישט זעהן. דאָס איז געווען די אורזאַך פון אונזער ערפאָלג. און צווייטענס, וועל איך דיר זאָגען מיט אַן אמת: איך בין טאַקע אַ פריידענקער, און אַלע מענשען זיינען ביי מיר גלייך, נור איך קעהר צו מיין ראַסע, און מיין אידיש האַרץ לאָזט מיך נישט, אַז מיין קינד זאָל אָננעהמען אַן אַנדער׳ן גלויבען. טראַדיציע איז אַ גרויסע זאַך, מאַמאַ, און מיין קינד איז ניט אין אַזעלכע אומשטענדען, אַז זי זאָל זיך דאַרפען שמד׳ן. און דריטענס, דער פאָטער מיינער, ער וועט עס, חלילה, נישט איבערטראָגען. נור, מאַמאַ, איך קען נישט אַנדערש. אַז דאָס קינד האָט זיך פערליעבט, קען איך נישט אַנדערש. איך וועל זיך נישט אַוועקשטעלען אויף דעם וועג פון מיין טאָכטער, איך וועל איהר יונג האַרץ נישט צוברעכען צו־ליעב דער רעליגיאָן. איך בין צו שוואַך דערצו.

מאַד. מייזנער (אין טרערען). אַלץ, וואָס דו האָסט געזאָגט, איז הייליגער אמת. האָסט מיר אַרויסגערעדט די ווערטער פון האַרץ. אַז איך דערזעה, ווי דאָס קינד ציהט דאָרט אַהין, מיט וואָס פאַר אַ בעגייסטערונג זי רעדט, אַז זי קומט פון דאָרט, קען איך נישט אַנדערש. (וויינט). איך קען מיין טאָכטער,

אז קוים האָט זי זיך פערליעבט, וועט זי מיט'ן טויט בעצאָהלען, אז מיר וועלען איהר שטערען. (פאלט אויפ'ן האלז פון איהר מאַן). ווי איהר מוטער...

ה' מייזנער (בערוהיגט זי). נו, נו, מיין פריינד. (לאַכט). אַך, דו אַלט ווייב, דיר ליגען נאָך אין זין אַזעלכע זאַכען! דו דאַרפסט דאָך שוין באַלד אַ באָבע ווערען.

מאַד. מייזנער (שמייכעלט). עס האָט זיך מיר דערמאָנט, ווען איך האָב זיך אין דיר פערליעבט.

ה' מייזנער. נו, נו, מיר אַלטע זיינען שוין אונזער וועלטעל אָבגעפאָהרען, יעצט איז געקומען די צייט פאַר די יונגע, פאַר אונזער קינד, מאַמאַ. (ער קושט איהר אין שטערן). נו, מאַמאַ, נישט קיין גרויסע זאַכען! קיינע פאַראַדען, קיינע עקסטראַוואַגאַנסען. ער וועט קומען, וועסטו איהם בעטען צום טיש. וועט ער וועלען בלייבען, איז גוט, נישט — נישט. שטיל, איינפאַך, ווי מיר זיינען עס געוואָהנט אין אונזער גוטער היים. —

מאַד. מייזנער. אַפילו די בעסטע גוים קוקען אויף אידען מיט חשד. זאָל ער נישט מיינען, אז מיר ווילען איהם אימפּאָנירען מיט געלד.

ה' מייזנער. האָסט רעכט. זיי מעגען, אז זיי ווילען, זיך אין פערל און בריליאַנטען אויספּוצען, וועט קיינער נישט זאָגען אויף זיי, אז זיי ווייזען זיך מיט רייכטום — דאָס איז אַ פּריווילעגיע פאַר שליאַכטשיצעס. מיר טאָרען נישט. מיר מוזען זיין סקראָמנע, איינפאַך, נישט אויפפאַלענד, ווי עס פּאַסט פאַר פּשוטע מענשען. נור, מיין קינד, נישט צו פיעל פאַלען ביי זיך. איך האָב עס נישט ליעב. זאָלען זיי יאָ מיינען, זאָלען זיי נישט מיינען, מיר לעבען פאַר אונז. — יאָ (פּויזע. קרעכצט). וואו איז איצט לעאָן? מיט וועמען זאָל איך זיך מישב זיין? (די מאַדאַם קרעכצט ביטער אָב).

ה' מייזנער. ניין, מאַמאַ, פון אונזער עלטסטען זוהן האָבען מיר קיין נחת נישט געהאַט. איך האָב געמיינט, אז אונזער איינציגער זוהן וועט ווייטער פיהרען מיינע געשעפטען, איבערנעהמען די פירמע און מיין עהרליכען נאָמען, וואָס איך האָב מיר ערוואָרבען מיט מיין פראַצע. — איז געקומען די אומרוהיגע צייט און האָט פון דיר דיין קינד לעבעדיגערהייד אַוועקגערויבט.

מאַד. מייזנער. רייס נישט אויף די וואונד, בערנאַרד!

ה' מייזנער (בערוהיגט זי). דאָס וואָלט נאָך נישט געשאַדט. אין די אומרוהיגע צייט האָט זיך מיט אַנדערע נאָך געטראָפען ערגערע זאַכען. אַנדערע זיינען אומ'ס לעבען געקומען. אָבער שוין אַ דורך די אומרוהיגע צייט — אַנדערע זיינען דאָך שוין טאַקע מיושב געוואָרען, צום געשעפט געקומען — אַ שקאָלע נעענדיגט. און דאָס שלעפּט זיך נאָך אַרום — גאָט ווייסט מיט וועמען — וואָס איז? דו ביזט אַ פרייער מענש, איז על כן? איך בין אויך אַ ליבעראַל, און אַלע מענשען זיינען ביי מיר גלייך, און רעליגיאָן שפּיעלט ביי מיר קיין ראָלע נישט, וועל איך זיך דערפאַר אָבזאָגען פון מיינע געשעפטען און מיין לעבען איינשטעלען אין אַזאַ שווערע צייט?

מאַד. מייזנער. בערנאַרד, האָב רחמנות אויף מיר! —

ה' מייזנער. נור דאָס קינד היט מיר אָב, מאַמאַ! דאָס קינד... (ער ווייזט אויף די טהיר, וואו די טאָכטער איז). מיין פויגעלע, וואָס מיר האָבען זיך ערהאַלטען אין אונזער נעץ. (מיט אומרוהע). דאָס האַרץ שרעקט מיר פאַר איהר, אז זי זאָל ניט, חלילה, געהן אין זיינע וועגען. אַליץ יאָ, נור ניט דאָס. דאָס קינד היט מיר אָב, זי זאָל פון איהר ברודער גאָרנישט וויסען.

מאַד. מייזנער. ניין, בערנאַרד, דאָס קינד איז גאָר פערנומען מיט אַנדערע זאַכען. זי איז פערליעבט אין דעם הויז פון דער אַלטער הראַבינע. די הראַביניע האָט אויף איהר אַ גרויסען איינפלוס.

ה' מייזנער. אַליץ — אַבי נישט דאָס, וואָס מיט איהר ברודער. דערמאָנט נישט זיין נאָמען אין מיין הויז, און וועט זי דיך פרעגען אויף איהם, זאָג איהר, ווי איך, ער איז אַוועקגעפאָהרען, — ער שטודירט אין ענגלאַנד — אין אַמעריקאַ. פערשוויגען זאָל ער ווערען אין דעם הויז, ווי אַ טויטער.

מאַד. מייזנער. וואָס רעדסטו, בערנאַרד!

ה' מייזנער (שטרענג, אין דער שטיל). ער איז מיט אונז אין איין שטאָדט, זי קען איהם טרעפען אויף דער גאַס. ער קען האָבען אויף איהר אַן איינפלוס. דאָס איז אָנשטעקענד, מאַמאַ. — אַליץ, אַבי נישט דאָס. פערשוויגען זאָל ער ווערען. בעהאַלט איהם פאַר'ן קינד! (ער געהט צו צו דער טהיר). טייבעלע דו מיינס! — מיין קליין, ריין קינד! (ער קלאַפּט אָן אין דער טהיר). יוסטינאַ, יוסטינאַ, קום נור אַרויס! (צו דער פרוי). איך וויל איבעררעדען מיט'ן קינד.

מאַד. מייזנער. אָבער, פּאַפּאַ, פאָרזיכטיג! פאָרזיכטיג וועסטו מיט דעם קינד רעדען. איך האָב מורא, אז דו זאָלסט איהר קיין לייד נישט אָנטהאָן.

ה' מייזנער. פערלאָז זיך אויף מיר, איך בין אַ פאָטער.

יוסטינאַ (אַ יונג צוואַנציג־יעהריג מיידעל, זעהר איינפאַך אָנגעטהאָן. שעהן). פּאַפּאַ, האָסט מיך גערופען?

ה' מייזנער. יאָ, מיין קינד, ווי געהט

עס דיך? (קושט איהר אויפ'ן שטערן). וואָס מאַכסטו? (מיט רחמנות). פאַרוואָס ביזטו אַזוי בלייך, מיין קינד? ווייסט, ווער עס דאַרף היינט אריינקומען צו אונז? — אַ שעהנער גאַסט, אַ גוטער גאַסט, יוסטינקעלע, עס וועט דיך פרעהען.

יוסטינע (פערשעמט). ווער דאָס, פּאַפּאַ? מאַכסט מיך נייגעריג.

ה' מייזנער. דאַרפסט זיין נייגעריג... אַ, איך וועל נישט זאָגען. טרעף, קינד! נו, פּרוב טרעפען, עס אינטערעסירט דיך זעהר.

יוסטינאַ (פערשעמט). פּאַפּאַ מאַכט מיך זעהר נייגעריג. איך קען ניט וויסען, ווער אַזעלכער.

מאַד. מייזנער. נו, ציה שוין נישט דעם קינד די נשמה ארויס. דער ראַביניע, פּאַן מי־כאַל, דאַרף באַלד אריינקומען צו אונז.

יוסטינאַ (פערוואונדערט, מיט בעהאַל־טענער פרייד). האָט ער זיין וויזיט אָנגעזאָגט?

מאַד. מייזנער. יאָ, טאָכטער, ער האָט אָנגעקלונגען, ער וויל דאָ אריינקומען צו מיטאָג־צייט. פּאַפּאַ האָט איהם צו מיטאָג איינגע־לאַדען.

יוסטינאַ. האָט ער צוגעזאָגט צו בלייבען אויף מיטאָג?

מאַד. מייזנער. ער ווייסט נאָך נישט, ער וועט זעהן.

ה' מייזנער. ליעבע טאָכטער, איך וויל מיט דיר ערנסט רעדען. מאַמאַ האָט מיר דער־צעהלט וועגען די בעציהונגען צווישען דיר מיט'ן ראַביניע, און אָהן דער מאַמע ווייס איך אויך. אַ שלעכטער פּאָטער וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט דאָס נישט אליין בעמערקט.

יוסטינאַ (פערשעמט). אָבער עס איז דאָך גאָר נישט אַזוי, פּאַפּאַ.

ה' מייזנער. פאַר מיר, טאָכטער, האָסטו דיך נישט וואָס צו בעהאַלטען. איך ווייס, טאָכטער, ווי די זאַך שטעהט.

יוסטינאַ (ווערט רויט). אָבער, פּאַפּאַ...

ה' מייזנער. קינד, פערלאָז דיך אויף מיר. איך ווייס, וואָס איך רעד, און ווייס אויך, צו וואָס ער איז אוועקגעפאָהרען און נאָך וואָס ער איז איצט געקומען. פערלאָז דיך אויף מיר. — אָבער האָסטו, קינד, איבערגעקלערט? דו געהסט טהאָן זעהר אַן ערנסטען שריט, — ווייסטו די שווייריגקייטען, וואָס שטעהען אייך אויפ'ן וועג? איך וויל דיך נישט צורעדען, איך וויל דיר נישט לעגען קיין שטיינער אויפ'ן האַרץ, — אין אַזעלכע זאַכען זאָל מען זיך נישט אריינמישען; און איך האָב בעשטימט ביי מיר, אַז מיין קינד'ס האַרץ זאָל איך נישט צו־ברעכען. פון מיין זייט זאָלט איהר קיין מניעה נישט טרעפען.

יוסטינאַ (קוקט איהם אָן פערוואונדערט און מיט דאַנקבאַרקייט. זוכט איהם די האַנד צו קושען).

ה' מייזנער. נישט דערפאַר, וואָס איך בין גלייכגילטיג צו מיין רעליגיאָן, צו מיין אָב־שטאַם, ניין. נור איך האָב מיר געזאָגט, אַז דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך אום ליעבע, אום יונגע קינדער, אום מיין קינד'ס האַרץ, איז די ליעבע שטאַרקער פון דער רעליגיאָן. פערפּאַ־לען — איך וועל מיך אייך אויפ'ן וועג נישט שטעלען. אָבער, טהייער קינד, איך האָב ליעב, אַז איך געה טהאָן אַ געשעפט, צו זיין דעריבער אין קלאָרען. ביזט זיכער, אַז איהר וועט פון דער צווייטער זייט אויך טרעפען אַזאַ טאָלע־ראַנץ, ווי פון דער זייט? ביזטו זיכער, מיין קינד, אַז דו וועסט נישט האָבען קיין צער?...

יוסטינאַ (מיט בעגייסטערונג). פּאַפּאַ, איך בעט דיך, איבער דער ראַביניע זאָלסטו נישט רעדען, די ראַביניע איז מיר אַ מוטער.

ה' מייזנער. איך ווייס, מיין קינד, אַז מען האָט דיך דאָרט זעהר גערן, אַז זי נעהמט דיך מיט אין די אנשטאַלטען, וואָס זי האָט גע־גרינדעט — קריגסט פון מיר געלד ארויס אויף די צוועקען — דאָס איז זעהר שעהן. אדרבא, איך בין צופריעדען דערפון, וואָס דו גיסט דיך אָב מיט אַזעלכע זאַכען. אָבער, קינד, איך האָב ליעב, אַז איך געה טהאָן אַ געשעפט, אויס־צורעכענען פריהער אַלע עווענטואַליטעטען. קינד, צווישען אונז און דער ראַביניע איז אַ גרויסער סאָציאַלער אונטערשיעד. זיי זיינען פון אַן אַלטען פּוילישען אדעלשטאַם, און מיר זיינען אידען.

יוסטינאַ. איך ווייס נישט פון וואָס פאַר אַ שטאַם איך קום ארויס, און פון וואָס פאַר אַ שטאַם זיי קומען ארויס. איך ווייס נור — די ראַביניע איז אַ גוטע קריסטין.

ה' מייזנער. דערמיט איז נאָך גאָרנישט געזאָגט, טאָכטער.

יוסטינאַ. דערמיט איז אַלץ געזאָגט, פּאַפּאַ.

מאַד. מייזנער. אָבער לאָז דאָך דאָס קינד אָב! צו וואָס ברענגען אַזעלכע געשפּרעכען?

ה' מייזנער. מאַמאַ, איך האָב ליעב אַלץ אין קלאָרען צו זעהן. קלאָרע סיטואַציאָן — דאָס איז געווען דער ערפאָלג פון מיין געשעפט. קיינע איבעראַשונג.

יוסטינאַ. אבער איך גלויב, פּאַפּאַ, אונ־זער געשפּרעך איז נאָך צו פריה. יעדענפאַלס האַלט עס נאָך נישט דערביי. און ווען עס וועט קומען דערצו, פערטרוי איך מיך אויף דאָס גוטע קריסטען־האַרץ פון דער ראַביניע און אויף דער לעהרע, וואָס זי האָט מיר געגעבען. דאָס איז מיר גענוג. דערפאַר בין איך איהר שוין דאַנקבאַר (זי געהט אָב צו זיך אין צימער).

ה׳ מייזנער (ברומט אונטער פאַר זיך). דאָס גוטע קריסטען־הארץ, דאָס גוטע קריסטען־הארץ... נא, מיר וועלען זעהן. יעדענפאַלס דאַרף דער הראַביע באַלד קומען. יאָ — (ער קלינגט, עס ווייזט זיך דער דיענער). האָט מען שוין געבראַכט דאָס מיטאַג פאַר׳ן אַלטען הערר פון אידישען רעסטאָראַן?

יאַן. יאָ!

ה׳ מייזנער. דעם אַלטען הערר וועסטו היינט ביי איהם אין צימער דעקען. איבריגענס, בעט אַהער דעם אַלטען הערר. (צו דער מאַדאַם). איך שעם זיך נישט מיט׳ן פאָטער פאַר׳ן הראַביע, נור איך רעכען, עס וועט נאָך צייט זיין צו בעקענען איהם מיט אונזער פאַמיליע. ווי מיינסטו, מאַמאַ?

מאַד. מייזנער. איך רעכען, דו האָסט רעכט. צו וואָס איהם באַלד אזוי היימיש מאַכען מיט אונזער פאַמיליע? ער וועט נאָך צייט האָבען זיך צו בעקענען מיט׳ן פאַפאַ, ווען מיר וועלען וויסען מעהר קאָנקרעטעס, ווי די זאַך האַלט. איבריגענס, וואָלט עס אויך דעם פאַפאַ זעהר אונאָנגענעהם געווען צו זיצען מיט גויים ביי איין טיש. ער איז דאָך נאָך אזוי פאַנאַטיש.

(עס קומט אריין א גרייז־גראָהער איד).

ר׳ שמואל. האָסט מיך גערופען, בעריש? גוט מאָרגען.

ה׳ מייזנער. יאָ, טאַטע. גוט מאָרגען. וואָס מאַכט דער פאָטער?

ר׳ שמואל. איך דאַנק דיר. מיט גאָטס הילף. נור די אַלטע ניאַניע, וואָס שלאָפט דאָרט אין צווייטען צימער, שטערט מיר. א גאַנצע נאַכט מאָדליעט זי זיך דאָרט פאַר איהר צלם. איך קען נישט פערנעהמען איהר זינגען, בשעת איך דאַווען. טראָג מיר איבער מיין צימער.

ה׳ מייזנער (שמייכעלט). אַ, פאַפאַ, זי מאַכט דעם פאָטער קאָנקורענץ. דער טאַטע דאַווענט דאָך אויך גאַנצענע טעג. ס׳איז נישט קיין אונטערשייד, עס געהט אַלץ צו איין גאָט.

ר׳ שמואל (ווערט טרויעריג). איך האָב נישט ליעב, ווען דו רעדסט אזוי. מעגסט דיר זיין, ווער דו ווילסט, מעגסט אַ סך געלד האָבען, נור קעגען גאָט אזוי רעדען טאָר מען נישט. איך וויל עס נישט הערען.

ה׳ מייזנער (בעט איבער דעם פאָטער). נאַ, נאַ, בערוהיג זיך, טאַטע. איך האָב נישט געוואוסט, דער טאַטע וועט עס אזוי ערנסט נעהמען. איך האָב נישט, חלילה, געמיינט קעגען גאָט שלעכטס צו רעדען. איבריגענס, זיינען מיר אַלע מענשען, און מיר בעטען אַלע צו איין גאָט, סיי דער איד, סיי דער קריסט, פאַפאַ.

ר׳ שמואל. צו דעם האָסטו מיך גערופען, אויסצוהערען דיינע חכמות? איך האָב דיר איינמאָל געזאָגט, אז איך וועל זיך נישט מישען אין דיינע געשעפטען. איך וויל נישט וויסען וואָס דו קלערסט, די פאָאר יאָהר, וואָס מיר איז נאָך אויסגעקומען צו לעבען. צו וואָס דאַרפסטו מיר דאָס זאָגען?

ה׳ מייזנער. אָבער, פאַפאַ, איך מיין דאָך גאָרנישט קיין שלעכטס. איך האָב דאָך, חלילה, נישט געמיינט דעם פאָטער צו קרענקען. — נו, לאָמיר אויפהערען. איך האָב דעם פאַפאַ גערופען, — וועסטו עפּעס קעגען דעם האָבען, אז דו זאָלסט היינט עסען ביי דיר אין צימער? מיר האָבען קריסטען צו טיש. האָסט דאָך נישט ליעב צו זיצען מיט קריסטען און עסען ביי איין טיש.

ר׳ שמואל. ניין, ניין, האָסט רעכט, גוט, גוט. (וויל אָב).

ה׳ מייזנער (ערנסט). טאַטע, זעהר אַן ערנסטע זאַך שטעהט פאָר אונזער קינד, אונזער גאַנץ הויז. עס איז נאָך צו פריה צו רעדען דערפון, נור מיר זיינען נישט ביי זיך אין די הענד, — ווי גאָט וועט וועלען. בעט, טאַטע, צו גאָט, זאָל ער אונז פיהרען אין ריכטיגען וועג. מיר שטעהען פאַר א גרויסער, ערנסטער זאַך. נור גלויב מיר, טאַטע, אז גאָט איז איינער אויף דער גאַנצער וועלט, און אַלע דיענען צו איהם, אַלע מענשען, סיי אידען, סיי קריסטען.

ר׳ שמואל. און צו דעם האָסטו מיך גערופען? איך וויים, דו ביזט קלוג, זעהר קלוג, נור איך זאָג דיר, מיין קינד, אז מיט דיין חכמה וועסטו קעגען גאָט גאָרנישט מאַכען. מיט חכמה, אָהן גאָט, וועסטו אין די הערצער פון דיינע קינדער גאָרנישט איינפלאַנצען. (געהט אָב).

מאַד. מייזנער. אונזער ליעבער פאָטער! איך האָב מורא וועסט נאָך פיעל צרות האָבען פאַר דעם שריט.

ה׳ מייזנער. די אַלטע וועלט איז געווען זעהר פאַנאַטיש, מאַמאַ. עס וועט איהם זעהר וועה טהאָן, נור מיר קענען נישט אַנדערש. מיר קענען נישט אָבשטעלען די ציוויליזאַציע דערפאַר, ווייל די אַלטע געפעלט זי נישט. און דאָס, וואָס מענשען דערנעהנטערען זיך איינס צום צווייטען, דאָס איז ציוויליזאַציע, מיין פריינד. גלייכער, אז די אַלטע זאָלען ליידען, איידער די יונגע. זיי האָבען שוין זייער וועלט אָבגעלעבט, — די יונגע הויבען ערשט אָן... (מען קלינגט אין טהיר).

ה׳ מייזנער (קוקט אויפ׳ן זייגער). דאָס איז דער הראַביע. נו, מאַמאַ, קיינע רעווערענסען, — איינפאַך, סקראָמנע, אָהן גרויסער בעגייסטערונג, אזוי ווי געוועהנליך. זעץ דיך אין שטול. (מאַד. מייזנער זעצט זיך אין פאָטער־שטוהל, נעהמט איהר שטיק־קישענדעל. דער דיענער מעלדעט: דער הראַביע דאָב־

ראָוואָסקי!) אַך, מיר בעטען! (ער געהט איהם אַנטקעגען). וויטאַם פּאַנאַ!

הראַביע דאָבראָוואָסקי (איז אַ הויכער דרייסיג־יעהריגער העדר, אָנגעטהאָן איינפאַך, נור אין אַ פיינעם שניט. ענגליש געשאָרענע וואָנצלעך. גריסט זיך, געהט צו צו דער מאַדאַם, קושט איהר די האַנד).

ה׳ מייזנער. אַך, ווילקאָמען. וואָס מאַכט איהר? אזוי לאַנג אייך נישט געזעהן. וואו זיינט איהר געווען? און וואָס מאַכט די הראַביניע אין געזונד?

דער הראַביע (שמייכעלט צו איהם). איך דאַנק. די מאַמאַ פיהלט זיך גוט. (צו דער מאַדאַם). זי לאָזט די פּאַני גריסען און נאָכפרעגען זיך אויפ׳ן געזונד. (צו ה׳ מייזנער). און דעם פאַן דאַנקען פאַר די קויהלען, וואָס ער האָט אריינגעשיקט אין די קינדערהיים.

ה׳ מייזנער. נישט מיר קומט דער דאַנק, נור מיין יוסטינקען. אַ ביטרע מיידעל — ווייסט, ווי דעם פאָטער אָנצוקריגען.

מאַד. מייזנער. איך בין זעהר גערירט. גריסט אייער מוטער און דאַנקט איהר אין מיין נאָמען. און איצט — צו אייך, פּאַן מיכאַל. ביטע, קומט דאָ אַהער נעהנטער. (ער זעצט זיך נעהנטער נעבען איהר). וואו זיינט איהר דאָס געווען אזוי לאַנג? מיר האָבען געבענקט נאָך אייך. דעם גאַנצען קאַרנאַוואַל נישט געווען, אַדורכגעלאָזט די בעסטע צייט. יונגע מענשען טאָרען נישט אזוי טהאָן, טאָרען נישט פערליערען — עס איז אייער צייט. מיר, אַלטע, זיינען שוין אונזערע אָבגעפאָהרען... ווען זיינט איהר געקומען?

מיכאַל. נעכטען. די פּאַני איז זעהר ליעבענסווירדיג. (ער קושט איהר די האַנד). געזעסען אין דאָרף, פיעל צו טהאָן געהאַט מיט די פויערים, מיט׳ן עקאָנאָם. איבריגענס, אַ הערליכע יאַגד געהאַט — פיעל געווילד, האָזען אָהן אַ שיעור. — יאָ, איך האָב אָנגעריהרט אָן אייערע גרענעצען, פּאַני מייזנער. איך בין אריין אין אייער וואַלד. איהר האָט דאָרט געטרייע מענשען זיצען. די גאַיאָוועס האָבען מיר געכאַפּט — נישט דערקענט — געוואָלט מיך פיהרען צום עקאָנאָם פאַר געיעג אין אַ פרעמד געביט.

ה׳ מייזנער (לאַכט). דאָס איז גוט. וואָס האָט איהר געמאַכט?

מיכאַל. איך האָב זיי אַ משכון געגעבען, און איך בין יעצט געקומען פון אייך דעם משכון אויסלייזען.

מאַד. מייזנער (מיט פריינדליכקייט). אָבער איהר וועט טייער דאַרפען בעצאָהלען פאַר דעם משכון.

מיכאַל. פון אייערע הענד — אַלץ דאָס געלד. (קושט איהר די האַנד. צו ה׳ מייזנער). אָבער, מיט אַן אמת, איהר האָט זיצען אין אייער מילנאָוויק געטרייע מענשען. בין געווען אויף די פאָלוואַרקעס — וואָס פאַר אַן אָרדנונג! בהמות זיינען דיק, די קיה גיבען מיט צוועלף טעפּ מילך מעהר ווי פאַר־אַ־יאָהרען, שטענדיג שטרוי דאָ. איך האָב ביי זיי שטרוי געקויפט. דער עקאָנאָם — אַ קלוגער מענש. איך האָב מיך מיט איהם מישב געווען, וואָס ביי מיר צו זעצען אויף די פעלדער.

ה׳ מייזנער. יאָ, אויף די מענשען האָב איך מיך נישט צו קלאָגען.

מאַד. מייזנער. איהר וועט שפּעטער רעדען פון אייערע געשעפטען. לאָז מיך אביסעל אָנפרעהען זיך מיט׳ן פאַן. גאָט, אויסגעוואַרט זיך! — יאָ, איהר בלייבט דאָ ביי אונז צו מיטאָג?

דער הראַביע. די מאַדאַם איז זעהר ליעבענסווירדיג. איך דאַנק אייך זעהר. (קושט איהר די האַנד). אָבער, ווירקליך, עס וועט זעהר שווער זיין. די מאַמאַ וואַרט אין דער היים — איך האָב איהר צוגעזאָגט.

מאַד. מייזנער. אַז די מאַמאַ וואַרט — איז אַן אַנדער זאַך. די מאַמאַ האָט מעהר רעכט, ווי אַלע אַנדערע. איך פערשטעה דאָס גאַנץ גוט. נור טאָמער וועט אייך די מאַמאַ אָבגעבען אויף אַ מיטאָג — געהער עס אונז. גאָט, אזוי לאַנג אייך נישט געזעהן! — איבריגענס, וועט יוסטינאַ נישט אָבלאָזען. יאָ, וואו איז דאָס קינד? (זי קלינגט. עס קומט אריין יאַן). יאַן, רוף אריין די פּאַניענקע!

ה׳ מייזנער. איך גלויב, דאָס וואָס ער וועט אונז אָבזאָגען, מאַמאַ, — יוסטינאַ׳ן וועט ער נישט אָבזאָגען. מיר זיינען שוין צו אַלט, פרוי. די יוגענד, די יוגענד! (עס קומט אריין יוסטינאַ. ווערט זעהר בלייך, דערזעהענדיג מיכאַל). זעה׳ וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבען.

יוסטינאַ (זעהר פראָסט. גערירט). אַך, פּאַן מיכאַל! ווי גוט איז, וואָס איהר זיינט געקומען. (מיכאַל גריסט זיך מיט איהר, אויך זעהר גערירט).

ה׳ מייזנער. וואָס קומט אָבער ארויס? — דער הראַביע וויל נישט איבערבלייבען צו מיטאָג ביי אונז. בעט דו איהם. פאַר אונז וויל ער עס נישט טהאָן, אפשר וועט ער עס טהאָן פאַר דיר.

יוסטינאַ. אַז פּאַן מיכאַל וויל נישט איבערבלייבען, מן הסתם האָט ער זיין טעם— האַלטען מיר איהם נישט איין.

מיכאַל (קוקט איהר אין די אויגען אריין).. איז שוין די מאַדאַם בעסער פאַר אייך. איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר זיינט אזוי שלעכט.

יוסטינאַ (רויט ווערענדיג). איך מיין עס מיט אַן ערנסט, אפשר זיינט איהר געשטערט, אפשר אנדערש וואו פריהער צוגעזאָגט.

מיכאל. ווייל די פאַניע וויל מיך דוקא פון שטוב יאָגען, וועל איך דוקא צום מיטאג בלייבען. איך וועל אהיים טעלעפאָנירען צו מאַמאַ, אז איך בלייב איבער צו מיטאג אויף צו להכעיס אייך.

ה' מייזנער און מאַד. מייזנער. בראוואָ, בראוואָ! טהוט דאָס.

מיכאל. דאַכט זיך, דאָ באַלד איז ביי אייך דער טעלעפאָן?

ה' מייזנער. איך וועל אייך בעגלייטען. (פיהרט איהם צו צו דער טהיר).

יוסטינאַ. פאַרוואָס האָט איהם די מאַמאַ געבעטען? אז ער וויל נישט בלייבען, פאַרוואָס איהם איינהאַלטען?

מאַד. מייזנער. פערקעהרט, ער האָט געוואָלט איבערבלייבען. דאָס ביזטו נור געוועזען אזוי אונארטיג. ער האָט געוואָלט, אז דו זאָלסט איהם בעטען, און דו ביזט אונארטיג.

יוסטינאַ. איך האָב איהם נישט געוואָלט בעטען. מען דאַרף נישט מענשען צורעדען.

ה' מייזנער. נו, נו, בערוהיג דיך, קינד. (ער קושט זי אויפ'ן קאָפּ). ער האָט געוואָלט זעהר איבערבלייבען, זעהר. ער האָט מיר אַליין געזאָגט.

יוסטינאַ (רויט ווערענדיג). ווירקליך, פאַפאַ?

ה' מייזנער. אָבער זעלבסטפערשטענדליך, קינד. (ער ווינקט צו דער פרוי און קושט די טאָכטער, זעהר געריהרט, אויפ'ן קאָפּ).

דער הראַביע (קומט אריין מיט פרייד). און זעהט, מאַמאַ האָט מיך פריי געגעבען. (צו יוסטינאַ'ן). דאָס איז אַלץ אייך צו להכעיס.

יוסטינאַ (שמייכעלט אין דער שטיל).

מאַד. מייזנער. אַ, זי האָט גאַנץ גוט געטהאָן. דאַנקט איהר אין מיין נאָמען. (געריהרט). דער אָרימער פאַן מיכאל איז נעבעך געזעסען אַליין אויפ'ן דאָרף איבער'ן גאַנצען קאַרנאַוואַל צווישען די פויערים. דאָ האָט זיך די יוגענד אזוי געשפּיעלט, געטאַנצט יעדען אבענד — און ער איז אַליין געזעסען אויפ'ן דאָרף.

פאַן מיכאל (קושט איהר די האַנד). די מאַדאַם איז זעהר גוט. איך דאַנק אייך.

ה' מייזנער. אָבער, מאַמאַ, דו בעדויערסט, וואָס דער פאַן מיכאל איז געזעסען איבער'ן קאַרנאַוואַל אין דאָרף, און איך בעדויער, וואָס ער וועט היינט קיין מיטאג נישט עסען. האָסט דאָך פערגעסען דער דיענערשאַפט אַנצוזאָגען, אז דער הראַביע בלייבט צו מיטאג.

מאַד. מייזנער. דו האָסט רעכט. טאַקע פערגעסען. דאָס איז פאַר פרייד. (זי הויבט זיך אויף). ענטשולדיגט מיך. איך מוז ארויסגעבען בעפעהלען.

ה' מייזנער. און מיך אויך. איך האָב נאָך עפּעס אין מיין קאַבינעט צו בעזאָרגען. איך גלויב, איהר וועט זיך נישט בעליידיגען, ווען איך וועל אייך איבערלאָזען אין דער געזעלשאַפט פון מיין טאָכטער.

מאַד. מייזנער. האָסט פערגעסען, אז זיי זיינען ברוגז. איך האָב מורא זיי וועלען זיך נאָך צוקריגען, ווען מיר וועלען זיי לאָזען אַליין.

ה' מייזנער. האָב נישט קיין מורא. יונגע לייט בעטען זיך שטענדיג איבער, ווען מען לאָזט זיי אַליין. (געהט אָב).

מיכאל (קוקט זיי נאָך). ווי ליעבענסווירדיג די אַלטע זיינען! זיי האָבען אונז אַליין געלאָזט. (א לענגערע פּויזע. יוסטינאַ ווערט בלייך, דערשראָקען — אונגעדולדיג. שווייגט).

מיכאל (נעהמט אָן יוסטינאַ'ן ביי דער האַנד). וואָס מאַכסטו, יוסטינאַ? ווי האָב איך דיך געוואָלט זעהן!

יוסטינאַ. איהר זיינט זעהר א שלעכטער, מיכאל. (זעצט זיך געריהרט אוועק).

מיכאל. פאַרוואָס?

יוסטינאַ (שווייגט, קוקט איהם מיט ערנסט און ליעבע אין די אויגען אריין). פאַרוואָס זיינט איהר די גאַנצע צייט נישט געקומען?

מיכאל (נעהמט זי אָן ביי דער האַנד). גלויבט מיר, איך האָב גוט געטהאָן. איך בין געזעסען אין דאָרף איבער'ן קאַרנאַוואַל. — איך האָב עס בעדאַרפט, עס איז געוועזען גוט פאַר אונז ביידע.

יוסטינאַ (קוקט איהם אָן דערשראָקען, דערקענענט אין זיין געזיכט די ליעבע מינע, ווערט פערשעמט, לאָזט אראָב די אויגען. ווי פאַר זיך). גאָט! איך האָב אזוי געוואַרט יעדען טאָג, — נישט קיין בריעף, נישט קיין צייכען. עס איז שלעכט אזוי צו וואַרטען, שלעכט...

מיכאל (קוקט איהר מיט ליעבע אין די אויגען אריין). מיין ערשטער בעזוך, נאָך דער מוטערס, האָט געגאָלטען אייך.

יוסטינאַ. איך האָב אויף דעם אויסגעוואַרט, צייט קאַרלינאַ האָט מיר געזאָגט, אז איהר קומט אהיים.

מיכאל (קושט איהר די האַנד). איך דאַנק אייך, יוסטינאַ.

יוסטינאַ (דערשראָקען). פאַרוואָס?

מיכאל. ווייל איהר האָט זיך אזוי בעפריינדעט מיט מיין מוטער און מיט מיין שוועסטער. זיי זיינען פול מיט לויב אויף אייך.

יוסטינאַ. נישט צוליעב אייך, מיכאל, בין איך דאָרט אהין געקומען — ניט צוליעב אייך. איך האָב אייער מוטער זעהר, זעהר פיעל צו פערדאַנקען. פיעל גוטס האָט זי מיט מיר געטהאָן.

מיכאַל. איך דאַנק אייך פאַר'ן גוטען וואָרט.

יוסטינאַ. עס איז נישט קיין גוט וואָרט, מיכאַל. ווייסט איהר, וואָס אייער מוטער האָט געטהאָן מיט מיר? זי האָט צוגענומען מיך, דאָס געצענדיענער־קינד, און האָט מיך אויסגע־לערנט, ווי גאָט צו ליעבען און ווי מענשען צו ליעבען.

מיכאַל. אָ, די מאַמאַ האָט מיר דער־צעהלט. דאָס געצענדיענער־קינד איז אָבער געווען א גוטע תלמידה. פלינק און מיט'ן גאַנ־צען הארצען פערנומען קריסטוס' וואָרט, גע־האָלפען דער מאַמאַ אין די צדקה־חברות גוטס טהאָן. די קליינע שעהנע הענטעלאַך האָבען די קראַנקע אָרימע לייט אין די שפּיטעלער גע־פלעגט, קליינע קינדער געוואַשען, מיט מילך געקאָרמעט, — די קליינע הענטעלאַך האָבען פיעל גוטס געטהאָן. (ער קושט איהר די האַנד). די מאַמאַ האָט מיר דערצעהלט און דער פאָ־טער אַנטאָניוס, און קאַרלינקאַ — אַלע פול מיט לויב אויף אייך.

יוסטינאַ (שמייכעלט פערשעמט). עס איז דאָך גאָר נישט אַזוי. אייער מוטער איז צו גוט. (ערנסט). יאָ, מיכאַל, פיעל גוטעס האָט זי מיט מיר געטהאָן. פאַר גאָר נישט דאַנק איך איהר, נור פאַר דעם גלויבען, וואָס זי האָט אין מיר איינגעפלאַנצט, פאַר גאָט, וואָס זי האָט מיר געשאָנקען. און מיט איהרע טהא־טען, מיט איהר ליעבע האָט זי ביי מיר גאָט איינגעפלאַנצט. זי האָט מיך מיטגענומען יע־דען זאנטאג אין קירך אריין; איך האָב גע־הערט די פּרעדיג פון פאָטער אַנטאָניוס, איך האָב געזעהן דעם עקסטאַז פון פאָלק, די ליעבע און גלויבען פון פּראָסטען פאָלק צו זייער גאָט. (שטיל). אָ, ווי האָב איך זיי מקנא געווען!

מיכאַל. גאָט איז פאַר אַלעמען, יוסטינאַ.

יוסטינאַ (טרויעריג). ניין, מיכאַל, ניט פאַר מיר, נישט פאַר אונז. — מיינע עלטערן האָבען מיך זעהר ליעב. און אַלעס האָבען זיי מיר געגעבען, נור איין זאַך האָבען זיי מיר נישט געגעבען — א גלויבען. א גאָט האָבען זיי מיר נישט געגעבען. פיעל, פיעל האָבען זיי מיך געלערנט, נור דאָס, וואָס יעדער פּראָס־טער מענש דאַרף צו זיין טעגליכען לעבען, — א גלויבען, ליעבע צו גאָט, ליעבע צו מענשען, האָבען זיי מיר נישט געגעבען. איך בין נישט קיין פילאָזאָפין, איך וויל נישט וויסען דערפון, אויב עס איז יאָ דאָ א גאָט, אויב נישט, — איך בעדאַרף א גלויבען, פאַר וועמען, אין א שלעכטער שעה, זאָל איך מיינע תפילות זאָגען, צו וועמען זיך צו ווענדען נאָך הילף... און דו ווייסט נישט, ווי איך האָב מקנא געווען אונזער דיענסט, וואָס האָט פאַר איהר בעט, אין איהר קליין שטיבעל, געהאַט הענגען א קליין בילדעל — די מאַטקאַ באָסקאַ טשענס־טאָכאָווסקאַ. א קליין ליכטעל האָט דערפאַר געברענט, און זי האָט אַנידערגעקניעט דערפאַר פאַר יעדען שלאָפען געהן. איך האָב געדאַרפט אַזאַ קליין בילדעל, — אין אונזערע גרויסע סאַלאָנען איז אַזאַ קליין בילדעל נישט געווען...

מיכאַל. אָרימעס קינד! (נעהמט זי אָן ביי דער האַנד). און אייער אמונה, און די סי־נאַגאָגע — זי איז דאָך אַזוי שעהן — אייער גאָט?

יוסטינאַ. מיינע עלטערן האָבען מיר קיינמאָל נישט דערצעהלט פון איהם. מיין ברו־דער איז אַוועק פון דער היים און וויל נישט נעהמען פון פאָטער קיין געלד — איך ווייס נישט פאַרוואָס. דער זיידע זיצט דאָרט אין זיין שטיבעל און לערנט טאָג און נאַכט אין זיינע הייליגע ביכער. ער וויל נישט עסען פון אונזער קיך, און מען ברענגט איהם עסען פון אידישען רעסטאָראַן. נור וואָס עס שטעהט דאָרט געשריעבען אין זיינע הייליגע ביכער, ווייס איך נישט — מען האָט מיך נישט גע־לערנט אין זיי. און פאַרוואָס ער וויל נישט עסען פון אונזער קיך — ווייס איך אויך נישט. איך ווייס נישט מעהר, — איך האָב מורא פאַר איהם.

מיכאַל. מורא?!

יוסטינאַ. יאָ, עס דאַכט זיך מיר טייל־מאָל, אַז ער קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע פרעמדע און בייזע אויגען, ווי איך וואָלט זיין גרעסטער שונא געווען, ווי ער וואָלט פיהלען, אַז איך רייס איבער די שנור פון זיינע על־טערנס גלויבען, וואָס האָט זיך געצויגען דורך אַזוי פיעל יאָהר־טויזענדער ביז צו מיר... און טויזענד־יעהריגע שנאה און ליידען זעה איך אין זיין בליק, — און קריג מורא פאַר איהם... (שטילע פויזע).

יוסטינאַ. און פאַרוואָס דערצעהל איך אייך דאָס אַלץ, ווייס איך אַליין נישט.

מיכאַל. איך דאַנק אייך. יאָ, יוסטינאַ, איהר מעגט מיר דאָס דערצעהלען, און איך דאַנק אייך פאַר דעם צוטרויען, וואָס איהר שענקט מיר, וואָס איהר זיינט אויפריכטיג געגען מיר.

יוסטינאַ (ווי פאַר זיך). טיילמאָל, אַז דער זיידע קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגען, וויל איך צו אייך אַנטלויפען, איהר זאָלט מיך בעשיצען. ניין, — צו אייער ליעבער מוטער, אַז זי זאָל מיך אַנוואַרימען, צונעהמען, ווי זי נעהמט צו אַזוי פיעל פערלאָזטע יתומים — (זי ענדיגט ניט דעם זאַץ).

מיכאַל (קושט איהר האַנד מיט בעווע־גונג). יוסטינאַ, ווען איהר זאָלט וויסען, ווי טהייער און הייליג מיר זיינען אייערע ווערטער און אייער אָפען האַרץ! יאָ, יוסטינאַ, מיר דאַכט זיך, אַז גאָט האָט אַנגעקלאַפּט אין אייער האַרץ און האָט אייך גערופען צו זיך אין דעם

גאָטלויזען הויז. איהר זיינט דאָך אַזוי אַנ־
דערש, אַזוי אַנדערש, ווי זיי אַלע.

יוסטינאַ. מיר דאַכט זיך אויך, אַז עס איז אַזוי געווען. ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געוועזען, האָט מיר די אַם דערצעהלט פון קריסטוס'ען, און איך בין געזעסען און האָב אויסגעהערט מיט צופלאַמטע בעקלאַך... זי האָט מיך אין קירך געפיהרט, ווען מיר זיינען אויף שפּאַציר געגאַנגען, און איך האָב געהערט דאָס געזאַנג, — מיך האָט עס אַזוי געצויגען... איין נאַכט, פאַר'ן שלאָפען געהן, האָב איך מיך אַריינגע'גנב'עט אין דער אַם'ס צימער אַריין, אַז קיינער זאָל נישט הערען, און האָב מיך פאַר דעם הייליגען בילדעל געוואָרפען...

מיכאַל. (נעהמט זי אָן ביי דער האַנד און שווייגט, געריהרט).

יוסטינאַ. אָבער צו וואָס זאָג איך דאָס אַלץ? — איך בעט אייך איבער; איך האָב נישט קיינעם, וועמען דאָס אַלץ צו פערטרויען. איך האָב אַזוי געוואַרט, אַז איהר זאָלט צוריק קומען.

מיכאַל. יאָ, יוסטינאַ, מיר מעגסטו פער־טרויען.

יוסטינאַ. האָט דאָס געפיהל צו מיר זיך נישט געענדערט ביי אייך דורך דער צייט, וואָס איהר זיינט נישט געווען?

מיכאַל. פערקעהרט, יוסטינאַ, עס איז ביי מיר שטאַרקער און רייפער געוואָרען; און איך קען יעצט אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט זאָגען מיט אַ ריין געוויסען: איך ליעב דיך, יוסטינאַ, איך ליעב דיך...

יוסטינאַ (שווייגט, ווערט בלייך, פער־מאַכט די אויגען און זאָגט ווי פאַר זיך). מיין גאָט! און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאָס שוין מעהר קיינמאָל נישט הערען.

מיכאַל. יוסטינאַ, איך וויל מיט אייך זיין גאַנץ אָפענהערציג, אַזוי ווי איהר זיינט יעצט געווען צו מיר. ווייסט איהר, פאַרוואָס איך האָב נישט דאַן, נאָך אונזער געשפּרעך, פערלאַנגט פון אייער פאָטער אייער האַנד? — נישט דערפאַר, ווייל איך האָב חרטה געהאַט, יוסטינאַ, ניין. איך וועל מיט אייך זיין גאַנץ אָפען. איהר זיינט אַ קינד, איהר וועט דאָס אפשר נישט פערשטעהן. איך מוז אָבער האַנדלען לויט מיין עהרע. — איהר ווייסט, ווי די וועלט איז קליין און ווי רכילות'דיג עס איז די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבען. ווען איך וואָלט מיט אייך חתונה געהאַט און גע־נומען פון אייך נדן, וואָלט עס געקענט הייסען אין דער געזעלשאַפט, אַז איך האָב מיט אייך חתונה געהאַט צוליעב דעם נדן, וואָס דער ריי־כער מייזנער גיט זיין איינציגער טאָכטער, — דער הראַביע מיט דער אידישער רייכער טאָכ־טער, וואָס איז שוין צו קאַריקאַטור געוואָרען. איך האָב אָבער נישט געקענט ערלויבען, אַז אַ שאָטען פון געלד זאָל פאַלען אויף אייער נאָ־מען, אַז אין דער בעציהונג צווישען אונז זאָל איין אַנדער זאַך שטעהן, אויסער דאָס ריינע, הייליגע געוויסען פון ליעבע, וואָס פער־בינדט אונז ביידע. דערפאַר האָב איך בע־שטימט, אַז חתונה האָבען מיט אייך קען איך נור דענסטמאָל, ווען איך וועל זיך קענען אָב־זאָגען פון יעדען נדן און פון יעדען געשאַנק, וואָס אייער פאָטער זאָל מיר וועלען מאַכען.

יוסטינאַ. אָבער מיכאַל, פאַרוואָס? —

מיכאַל. הערט מיך אויס, יוסטינאַ—איך ווייס, וואָס איך רעד, און איך מיין עס גוט. איך האָב זיך גענומען דורכקוקען אונזער פער־מעגען. מיין זעליגער פאָטער איז נישט גע־ווען קיין געשעפטס־מענש און מעהר אויסגעגע־בען, וויפיעל זיינע איינקונפטען האָבען איהם ערלויבט. איך בין דורך דעם ווינטער געזעסען אין אונזערע פאָלוואַרקעס, אַליין באַקענט זיך מיט דער אַרבייט און וויל זיך אַליין נעהמען צו דער פערוואַלטונג. קיין גרויס פערמעגען וועלען מיר נישט האָבען, יוסטינאַ, נור אַן אָנשטענדיג, רוהיג לעבען אויף דעם לאַנד וועל־לען מיר קענען פיהרען. איך ווייס דיין גוט האַרץ, דיין איינפאַכקייט און דיין ווילען צו לעבען איינזאַם — נור פערנומען מיט דיין אייגען גליק. יאָ, און דאָס וועלען מיר קענען רייכליך האָבען מיט מיין מוטער, מיט מיין שוועסטער. און איך בין יעצט געקומען צו דיר, איבערצייגט און זיכער אין דער אויפריכ־טיגקייט פון מיין ערנסט געפיהל. איך בין גע־קומען צו דיר, און בעט דיך: קום! לאָמיר אינאיינעם בויען אונזער אָרים, גליקליך היים...

(יוסטינאַ שווייגט. פערשטעלט זיך די אויגען מיט די הענד און וויינט. מיכאַל נעהמט איהר האַנד און קושט זי לאַנג, לאַנג. עס קומט אַריין ה' מייזנער מיט דער פרוי רעדענדיג).

ה' מייזנער. נו, האָט איהר זיך געקריגט צווישען אייך? (יוסטינאַ כאַפּט זיך אויף מיט פערוויינטע אויגען. הערר מייזנער מיט דער פרוי ווערען ערנסט, קוקען פערשטוינט, מיט ערוואַרטונג אויף מיכאַל'ן).

מיכאַל (צו מייזנער'ן, אָפיציעל און ערנסט). ה' מייזנער, איך בעט פון אייך די האַנד פון אייער טאָכטער.

ה' מייזנער (ווערט ערנסט, קוקט אויף דער פרוי. די מאַדאַם הויבט אָן צו וויינען).

מיכאַל. אָבער איך האָב צו אייך אַ בקשה, ה' מייזנער, אויף וועלכער איהר מוזט בעשטעהן —

ה' מייזנער (פערוואונדערט). ווי הייסט?

מיכאַל. איך פערלאַנג פון אייך די האַנד פון אייער טאָכטער, אָבער נור מיט דעם תנאי — נישט צו נעהמען פון אייך קיין איין גראָ־שען נדן —

ה' מייזנער (האַקט איהם איבער). ווי

הייסט, ווער וועט עס מיר פערוועהרען מיין קינד מיין געלד צו געבען?

מיכאַל. די סיטואַציע איז אַזעלכע, אַז...

ה׳ מייזנער. הראַביע, איך וויל נישט יעצט קיין סך רעדען, נור איך בין אַ מענש פון אַ קלאָרער סיטואַציאָן. איך וויל וויסען וועגען וואָס עס געהט.

מיכאַל. ה׳ מייזנער, מיינע גיטער זיינען יעצט אויף אַזוי פיעל אַוועקגעשטעלט, אַז איך קאָן אייער טאָכטער אויסהאַלטען ווי עס פּאַסט פּאַר איהר —

ה׳ מייזנער (האַקט איהם איבער). נו, נאַ, פון דעם וועלען מיר נאָך רעדען. (פאַלט איהם אויפ׳ן האַלז).

פאָרהאַנג.

צ ו ו י י ט ע ר   אַ ק ט.

(אין יוסטינאַ׳ס צימער. פאַרנאַכט, עס טונקעלט. עס זיצט יוסטינאַ און די אַם איהרע, וועלכער יוסטינאַ לעזט פאָר פון דעם נייעם טעסטאַמענט. די אַם ווישט זיך די אויגען און צלמ׳ט זיך. פּויזע.)

(פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם זיידענס תהלים זאָגען) : אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד, ובמושב לצים לא ישב. (דאָס קול ווערט וואָס אַמאָל פערשוויגען).

די אַם. אַזוי האָבען זיי איהם געשלאָגען, דאָס יעזוס־קינד, דאָס אומשולדיגע רינדעל — די אידען, — אַזוי האָבען זיי איהם געשלאָגען, אָ גאָט ! . . .

יוסטינאַ. גלויבסטו, ווען איך וואָלט דענסטמאָל געלעבט, וואָלט איך איהם אויך געשלאָגען ?

די אַם. אָ, ניין, די פאַניענקע וואָלט איהם נישט געשלאָגען, נישט געשאָלטען. די פאַניענקע וואָלט נאָכגעגאַנגען נאָך איהם, צוגעהערט זיך צו זיינע ווערטער און געקושט זיין קלייד, — אָ, די פאַניענקע —

יוסטינאַ. איך בין דאָך אויך אַ אידין און קום דאָך אויך אַרויס פון די אידען, וואָס זיינען דענסטמאָל געווען אין ירושלים.

די אַם. אָ, די פאַניענקע איז אַן אַנדערע אידין. (זי קושט איהר די האַנד). ווען די פאַניענקע איז נאָך אַזאַ קליינע „זאַך“ געווען, איז זי אַריינגעקומען צו מיר אין מיין שטוב אַריין און געבעטען מיך, איך זאָל זאָגען מיט איהר דעם „פּאַטשערש“, און פריהער נישט געוואָלט שלאָפען געהן, ביז זי וועט נישט דעם „פּאַטשערש“ אָבזאָגען. (זי קוקט זיך אום). איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם „פאַן“ — האָב איך די טיר צוגעשלאָסען און מיט דעם קליינעם קינד די תפלה געזאָגט. ווי דאָס קליינע אידישע קינד האָט די הענטלעך פערבויגען פאַר דעם קריסטוס־קינד ! אין גאַנצען אַ קריסטין געווען, עס האָט נאָר געפעהלט דאָס ביסעל הייליגע וואַסער.

יוסטינאַ. אָ, ניין ! איך וואָלט איהם נישט געשלאָגען, אַם ! איך וואָלט איהם נישט געשאָלטען, ווען איך וואָלט דענסטמאָל געלעבט. אָ, איך וואָלט איהם נאָכגעגאַנגען פון דערווייטענס, איך וואָלט יעדען זיין טריט געקושט, איך וואָלט מיך צוגעהערט צו דעם קלאַנג פון זיינע טריט . . . מיין אַם, דו ווייסט, — מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב דענסטמאָל געלעבט, און איך האָב איהם געזעהן . . . איך זעה דאָס אַלץ אַזוי קלאָר מיט די אויגען, ווי ער רייט קיין ירושלים אַריין אויף דעם אייזעל, און דאָס פאָלק געהט פון די הייזער אַרויס איהם אַקעגען. זיי טוען אויס זייערע קליידער און פערשפּרייטען פאַר איהם אויפ׳ן וועג . . . איך זעה עס אַזוי קלאָר, ווי זיי שטעהען פון ביידע זייטען וועג און שאָקלען מיט די לולבים און שרייען הושענא, — ווי איך וואָלט דאָרט געווען, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן . . .

די אַם. די פאַניענקע איז נאָך אַ פרעמדע — און איז שוין אַזוי בעקאַנט אין די הייליגע ביכער. די פאַניענקע רעדט ווי פון „פּאַטשערש“.

יוסטינאַ. ווייל זיי זיינען מיר נאָהנט, ווייל זיי זיינען מיינע, פון מיין פאָלק, אַם... איך זעה דעם בית־המקדש. איך זעה עס אַזוי וויים, — ווי דער ווייסער מירמעלשטיין ברענט זיך אין דער זון. עס איז אַ גרויסער יום־טוב. אַזוי פיעל אידען זיינען דאָ פון אַלע לענדער אין פערשיידענע טראַכטען, ווייסע קיטלען און טליתים, און פיהרען די שעפּסלעך צום קרבן ; די קינדער האַלטען זיי ביי די הערנדלאך... און איך זעה, ווי די חלפנים שטעהען אויפ׳ן הויף און האַנדלען מיט די אידען. און עס רייט אַריין קריסטוס אויף זיין ווייסען אייזעל, און דאָס געזיכט איז ביי איהם אַזוי בלייך, און אַזעלכע גרויסע אויגען. און אַזוי פיעל פאָלק איז אַרום איהם. און ער יאָגט אַרויס די חלפנים, די סוחרים מיט די קרעמער פון בית־המקדש־הויף אַרויס. דאָס פאָלק זאַמעלט זיך אַרום איהם — און ער רעדט. איך הער זיין שטים, איך בין דאָרט, איך קוק איהם אין פּנים אַריין — (פון צווייטען צימער הערט זיך דעם אַלטען אידענס תהלים זאָגען, יוסטינא האָרכט זיך איין). דו הערסט, ניאַניע, מיר דאַכט זיך, אַזאַ שטים האָט ער געמוזט האָבען ; אַזוי האָבען געמוזט זיינע ווערטער קלינגען אין דער שפּראַך.

די אַם. וואָס רעדט די פאַניענקע ? — גאָט זאָל אָבהיטען ! גאָט שטים האָט געקלונגען ווי די קלויסטער־גלאָקען. דאָס דערינען איז דעם שטן׳ס שטים. אַז איך הער די שטים, דאָס „מאָדליען“ זיך — מיין איך, אַז מען דאַ־

ווענט פאר'ן טייוועל, הער איך, אזוי ווי מען שלאָגט קריסטוס'ן.

יוסטינאַ. וואָס רעדסטו, דו נאַרישע אם! דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט.

די אַם. די פּאַניענקע איז עפּיס אנדערש, די פּאַניענקע איז שוין אונזערע, גאָט האָט זי ארויסגענומען פון דעם גאָטלויזען הויז, — אָבער זיי, פּאַניענקע, דאָס זיינען דאָך אומגלויביגע, און אלע זייערע תפלות געהען פאר'ן שטן.

יוסטינאַ. שוויג! דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט.

די אַם. ווען דער פּאַן מיכאל וועט נאָר די פּאַניענקע אין קירך פיהרען, און דער גלח וועט נאָר דאָס ביסעל הייליגע וואַסער בעגיסען — וועט שוין די פּאַניענקע אויך דאָסזעלבע פיהלען, וועט די פּאַניענקע אויך שוין נישט קענען הערען די שטים, וואָס האָט געשאָלטען גאָט. (עס הערט זיך קלאַפּען אין טיר).

יוסטינאַ. הער אויף, הער אויף, דו נאַרישע פרוי! — קומט אריין!

(אין דער טיר ווייזט זיך קאַרלינאַ, א הויכע פּערזאָן נאָך די דרייסיגער, אין שוואַרצען אָנגעטאָן. א גאָלדען צלמ'ל אויף'ן האַלז).

קאַרלינאַ. געשטערט? יוסטינאַ, פאַרוואָס זיצסט דו אין דער פינסטער?

יוסטינאַ (פערשעהמט). דאָס ביסטו, קאַרלינאַ? קום אריין, קום אריין. (געהט איהר אַקעגען). איך האָב זיך פערעדט מיט דער אם. — אַם, צינד אָן דעם לאָמפּ!

קאַרלינאַ. Pourquoi es-tu si excitée? (פאַרוואָס ביסטו אזוי אויפגערעגט?)

יוסטינאַ. —Rien du tout. J'ai eu une conversation avec la nonou. Le peuple est tellement naïf et superstitieux.
(גאָר נישט. איך האָב געהאַט א שמועס מיט דער ניאַניע. דאָס פאָלק איז אזוי נאַאיוו און אבערגלויביש —) (די אַם אב).

יוסטינאַ (פּויליש). אז ס'שטעלט זיך גאָר אַנדערש נישט פאָר, נאָר די ליעבע צו קריסטוס'ן מוז ברענגען שנאה צו אידען. זיי פערשטעהן דאָס נישט, אז דאָס אַלץ מיט קריסטוס'ן האָט זיך דאָך צווישען אידען אין ירושלים אָבגעשפּיעלט. מיר האָבען ביז היינט זעהר ווייניג געטאָן, דאָס פּראָסטע פאָלק אויפצוקלערען.

קאַרלינאַ. דאָס פּראָסטע פאָלק האָט זיין געזונטען אינסטינקט, יוסטינאַ, נאָך וועלכען עס האַנדעלט עהרליך.

יוסטינאַ (דערשראָקען). קלערסטו אויך אזוי, קאַרלינאַ? איז ביי דיר אויך די ליעבע צו קריסטוס'ן צונויפגעמישט מיט פיינדשאַפט צו אידען?

קאַרלינאַ. אָ, ניין. קריסטוס האָט אונז אַלעמען געהייסען ליעב האָבען, אפילו אונזערע פיינד.

יוסטינאַ. האַלסטו דען אידען פאַר פיינד?

קאַרלינאַ (שווייגט).

יוסטינאַ. האַלסט מיך אויך פאַר א פיינד פון אייך?

קאַרלינאַ (קושט זי). דו ביזט עפּיס אַנדערש. אין דיר האָט זיך גאָט אָנגערופען, ווען דו ביסט נאָך געוועזן אן אומגעטויפט קינד.

יוסטינאַ. פאַרוואָס נעמט איהר מיך ארויס פון כלל? פאַרוואָס בין איך דאָס מעהר פון אנדערע — מיינע ברידער און שוועסטער?

קאַרלינאַ (לאַכט). דו קאָנסט דאָך נישט גלויבען, אז אלע דיינע גלויבענס-ברידער טראָגען זיך אַרום מיט די אידעען, וואָס דו, פיהלען די ליעבע צו אונזער גאָט, צו אונזער גלויבען, ווי דו.

יוסטינאַ. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבען נישט געהאַט די געלעגענהייט צו דערקענען די גוטסקייט פון דער אמת'ער אמונה, די גוטסקייט פון קריסטען-מענשען, ווי איך. זיי האָבען נישט געהאַט די געלעגענהייט צו דערקענען גאָטס מעשים, ווי זיין אמונה איידעלט אויס דעם מענשען, — ווי איך האָב דערקענט דיין מוטער, אייער גאַנץ הויז, וואָס איז מיר תמיד געוועזען א סימבאָל פון ריינקייט און איידעלקייט. ווען זיי וואָלטען אייך דערקענט, ווען אלע מיינע גלויבענס-ברידער וואָלטען דערקענט די קריסטען אין זייער אמת'ער ליכט, ווי איך האָב די זכיה געהאַט צו דערקענען, — אָ, זיי וואָלטען געוועזען פאַר זיי אן אמת פאָרבילד פון איידעלקייט און גערעכטיגקייט.

קאַרלינאַ. האָסטו מיט אן אמת אזוי ליעב מיין מוטער, אז זי שטעהט דיר פאַר א פאָרבילד? און אונזער גלויבען איז אזוי טיעף אריינגעדרונגען אין דיר, אז דו זעהסט אין איהם די שעהנקייט, וואָס ער בעשענקט די מענשען, וועלכע גלויבען אין איהם, אז דו וואָלסט עס אין שטאַנד געוועזען איבערצוגעבען דיינע ברידער?

יוסטינאַ. געוויס. געוויס וואָלט איך געוואָלט, אז אלע מיינע ברידער, אז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וועלכעס טאַפּט אין דער פינסטער, אזוי ווי איך האָב געלעבט אין דער פינסטערניש, זאָל דערזעהן גאָט און זיין ריכטיגען גלויבען, וועלכער בעגליקט דעם מענשען מיט אזוי פיעל ליעבע און גוטסקייט. אָ, מיין לעבען וואָלט איך אוועקגעגעבען מיט פרייד פאַר דער גרויסער אידעע, אז מיין פאָלק זאָל פערשטעהן די שעהנקייט, מיט וועלכער קריסטוס בעשענקט די, וועלכע גלויבען אין איהם.

קאַרלינאַ. וויסט, אַז מען הערט דיך אַזוי רעדען, גלויבט מען, אַז עס איז דיר פון גאָט בעשערט אַ בעזונדערע מיסיע; אַז דו ביסט נישט בעשאַפען צו לעבען דאָס געוועהנליכע לעבען פון אַ פּראָסטען מענשען, נאָר דו ביסט צו עפּיס העכערעס בעשטימט — אויסצופיהרען דורך דיר אַ גרויס ווערק, צו בעקעהרען דיינע ברידער צום ריכטיגען גלויבען.

יוסטינאַ (לאַכט). ניין, קאַרלינאַ, איך געפין מיך נישט בערופען צו אַ מיסיע. אַזוי וויט האַלט עס נאָך נישט מיט מיר. — אָבער צו וואָס פיהרט אונז דאָס געשפּרעך, אויף וואָס די אַם מיט איהרע נאַרישע רייד האָבען אונז אַרויפגעבראַכט? — וועלען מיר נישט פון עפּיס אַנדערש רעדען? — וואָס מאַכט די מוטער?

קאַרלינאַ. אָ, איך דאַנק דיר. דער מוטער געהט עס גוט. נאָר דאָס געשפּרעך פיהרט אונז, יוסטינא, צו עטוואָס ערנסטעס, וועלכעס איז אייגענטליך דער ציעל פון מיין יעצטיגען קומען צו דיר.

יוסטינא. דו מאַכסט מיך נייגעריג.

קאַרלינאַ (ערנסט). נאָר איך בעט דיך, יוסטינאַ, מיך ריכטיג צו פערשטעהן און זעהן אין מיר און מיינע רייד די אמת'ע פריינדשאַפט, וואָס מיין מוטער און איך פיהלען צו דיר. מיר זיינען, יוסטינאַ, איבערצייגט אין דער אויפריכטיגקייט פון דיין צונייגונג צו אונז. מיר קענען דיך און ווייסען, אַז דיין בעקעהרען זיך צו אונזער גלויבען האָט קיין אַנדער אורזאַך נישט אַרויסגערופען, נאָר דיין טיעף און אמת געפיהל. דאָס גיט אונז נאָך מעהר רעכט אַריינצורעדען אין אַזאַ דעליקאַטער אַנגעלעגענהייט, וואָס פערטראָגט אייגענטליך נישט קיין דריטע פּערזאָן. און ווען איך נעהם מיר די ערלויבעניש, — איז עס נאָר אויס אויפריכטיגער פריינדשאַפט צו דיר, צו אונז אַלעמען, און אַלערערשטענס צו אונזער מוטער, וואָס מיר אַלע ליעבען.

יוסטינא (דערשראָקען). איך בעט דיך, רעד' אָהן צוואַנג.

קאַרלינא. מיכאַל האָט אונז פערטרויט זיינע אבזיכטען.

יוסטינאַ (שווייגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ).

קאַרלינאַ. זעלבסטפערשטענדליך, האָט עס ביי אונז אַרויסגערופען די גרעסטע פרייד דיך צו האָבען פאַר אונזער שוועסטער. (זי קושט זי). מיר האָבען שוין לאַנג געוואונשען, אַז צווישען אונז זאָלען זיך פערקניפּען טיפערע און אינערליכערע בעציהונגען. נו, יוסטינאַ...

יוסטינאַ (קוקט זי אָן דערשראָקען).

קאַרלינאַ. די מאַטעריע, וועלכע איך בעהאַנדעל יעצט, איז אַזוי איידעל, אַז איך האָב מורא, אַז מיינע ווערטער זאָלען נישט זיין צו שווער און זאָלען דיר נישט קיין שמערצען פערשאַפען.

יוסטינא. איך בעט דיך, רעד אומגעשטערט.

קאַרלינאַ. האָסטו נישט געקלערט איבער דעם, יוסטינאַ, אַז דאָס, וואָס דיין חתונה האָבען פאַר מיכאַל'ן פאַלט צונויף מיט דיין איבערגעהן צו אַן אַנדער גלויבען, קען מען עס ברענגען אין צוזאַמענהאַנג. אַז אָהן איינעם וואָלט דאָס צווייטע נישט געווען, און דאָס קען ברענגען צו צווייפלען אין דיינע אויפריכטיגע איבערצייגונגען?

יוסטינאַ (פערוואונדערט). פאַרוואָס?

קאַרלינאַ (בעפרעמדעט). איך וויים נישט, פאַרוואָס.

יוסטינאַ (ווי פאַר זיך). גאָט קוקט אין האַרץ, און ער ווייסט, אַז מיין האַרץ האָט צו איהם פריהער געהערט, ווי צו מיכאַל'ן.

קאַרלינאַ. מענשען זיינען אָבער נישט אַלזעהענדיג און מענשען זיינען שלעכט.

יוסטינאַ. וואָס געהען דען אונז מענשען אָן?

קאַרלינאַ. יוסטינאַ, דו האָסט פערגעסען, אַז מיכאַל קומט אַרויס פון אַזאַ הויז און טראָגט אַזאַ נאָמען, צו וועלכען ער האָט פליכטען, און דאָס נויטיגט איהם צו רעכענען זיך מיט מענשען, ווען שוין נישט פאַר זיך — איז עס פאַר דער פאַמיליע, פאַר אונז אַלע און, אַלערערשטענס, פאַר אונזער מוטער, וואָס מיר אַלע ליעבען.

יוסטינאַ. האָט די מוטער עטוואָס קעגען אונזער שידוך?

קאַרלינאַ. דאָס זאָג איך נישט. די מוטער וואָלט זעהר גליקליך געווען, און מיר אַלע, דיך צו האָבען פאַר אונזער שוועסטער. מיר אַלע ווינשען אַזאַ פרוי פאַר מיכאַל'ן, און מיר ווייסען, אַז דו וואָלסט געווען דאָס גרעסטע גליק —

יוסטינאַ (נישט פערשטעהענדיג): נאָר אום וואָס געהט עס? — איך פערשטעה נישט. גלויבט איהר נישט אין מיין אויפריכטיגקייט, אין מיין איבערגעבענהייט? האָט איהר עפּיס בעמערקט אין מיר? — מאַך מיך קלאָר, קאַרלינאַ!

קאַרלינאַ. מיר איז זעהר שווער צו רעדען דעריבער, יוסטינאַ, — די ווערטער שלאָגען מיך. געוויס נישט, געוויס נישט. נו, וואָס זאָלען מיר טון? איך בין געקומען מיט דיר זיך אַן עצה האַלטען. אפשר וועלען מיר אינאיינעם אַן עצה זוכען. מיר קענען דאָך נישט צולאָזען, אַז דיין נאָמען און מיכאַל'ס נאָמען זאָלען דערביי ליידען. מיר קענען דאָך דאָס נישט פאַר דער מוטער טון.

יוסטינאַ (ווי פאַר זיך). גלויבט איהר נישט, אַז דאָס האָט גאָט אַזוי געמאַכט, אַז דאָס איז געווען אַ מתנה פון איהם, וואָס ער האָט צוגענויגט מיכאַל'ס האַרץ צו מיר דערפאַר, ווייל איך האָב געצויגען צו איהם פון קליינער־הייד אָן ?

קאַרלינאַ. אָ, געוויס, געוויס. ווען נאָר נישט דאָס —

יוסטינאַ. אָבער וואָס דען ?

קאַרלינאַ. ווען מענשען וואָלטען נישט געווען אַזוי קליין און חושד געווען ; ווען מיר וואָלטען מענשען געקאָנט איבערצייגען.

יוסטינאַ. אָבער פאַרוואָס זאָל מען מיך דאָס חושד זיין ? איך קען דאָך נישט גלויבען, אַז מענשען זאָלען עפּיס קענען מיר האָבען — איך האָב דאָך קיינעמען קיין שלעכטס נישט גע־טאָן.

קאַרלינאַ (קושט זי). ווי אומשולדיג דו ביסט, יוסטינאַ, און ווי ריין ! (פערשעמט). אַך יאָ, אָבער האָסט פערגעסען, יוסטינאַ, אַז — פערצייה פאַר די רייד — דו קומסט אַרויס פון אַזאַ פאָלק, וועלכען מען איז חושד.

יוסטינאַ (ווערט רויט). פאַרוואָס איז מען דאָס מיין פאָלק מעהר חושד פון אַן אַנדער פאָלק ?

קאַרלינאַ (שווייגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ).

יוסטינאַ (רויט, אויפגערעגט). איך ווייס נישט, פון וואָס פאַר אַ פאָלק איך קום אַרויס. מען האָט עס מיר קיינמאָל נישט געלערנט — איך בין געשטאַנען פון דרויסען. נאָר איך קען נישט גלויבען, אַז אין מיין פאָלק זאָל זיין עפּיס אַזעלכעס, וואָס זאָל פערדינען דעם חשד. עס לעבט דאָך אויך און האָט דאָך אויך זיין גאָט. דער זיידע מיינער דערינען זיצט און דאַווענט אַ גאַנצען טאָג אין זיין הייליגען תהלים, — ער זאָגט דאָך דיזעלבע פּסאַלמען, וואָס דער פאַ־טער אַנטאָניוס זאָגט. קריסטוס האָט דאָך אויך געהערט צו דעם פאָלק. עס קען דאָך קיין שלעכטס נישט שטעהן אין זייערע ביכער גע־שריעבען, וואָס ווערען אויך פון דער קירך פער־הייליגט. איך ווייס נישט, וואָס איהר האָט צו זיי, און פאַרוואָס מען איז זיי חושד. זאָג מיר די קללה, וואָס רוהט אויף זיי, די זינד, וואָס זיי זיינען בעגאַנגען. זאָג מיר, וואָס שטעהט דאָס ביי זיי אין די ביכער געשריע־בען ? ווער זיינען זיי דאָס אַזעלכע, וואָס מען דאַרף זיי חושד זיין ?

קאַרלינאַ (בעליידיגט). אָבער דו וועסט דאָך נישט פערלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל דיר זאָגען, וואָס אַזעלכעס אידען זיינען.

יוסטינאַ (ווערט בלייך). יאָ, דו האָסט רעכט. איך פערשטעה דיך יעצט אין גאַנצען, קאַרלינאַ. איך האָב זיך פערגעסען אַ מינוט, אַז איך בין אַ אידין, דאָס איך האָב נישט קיין רעכט אויף קיין ליעבע, אויף קיין גליק . . . פערצייה, — מיין ליעבע איז ווערטה די פער־צייהונג. איך ליעב צו שטאַרק, אָבער זייט זי־כער, — איך וועל נישט טון אַזעלכעס, וואָס זאָל אייך קרענקען, עגמת־נפש פערשאַפען. איך וועל מיך איבערלעגען. איך קען מיין אָרט. איך ווייס, פון וואַנען איך קום אַרויס, איך בין אַ אידין.

קאַרלינאַ. וואָס רעדסטו, שוועסטער ? (זי קושט זי און נעהמט זי איין). דו ביסט די שעהנסטע נשמה, וואָס איך האָב אין מיין לע־בען בעגעגענט. שווייג, רעד נישט אַזוי, דו טוסט מיר אַ גרויס אומרעכט. דאָ איז געשעהן אַן אומגליק פאַר אונז אַלע — פאַר דיר, ווי פאַר אונז. מיר ווילען אַלע דיך האָבען פאַר אַ שוועסטער. מיר ווייסען, דו וואָלסט געווען דאָס גרעסטע גליק פאַר מיכאַל'ן, און זיין ליע־בע צו דיר איז אַן אויפריכטיגע, — אָבער דאָ איז געשעהן אַן אומגליק, ווי פאַר אונז, אַזוי פאַר דיר. מיר ווייסען, דו ביסט נישט שול־דיג, — דו וואָלסט געווען געהאַט די איידעל־קייט צו פערשווייגען, בעגראָבען אין דיר דיי־נע געפיהלען, צו אָפּפערן דיין ערדישע ליעבע פאַר אַ גרעסערער, פאַר אַן איידעלערער — פאַר דיין הימלישער ליעבע. אַז דיין ליעבע צו קריסטוס'ן זאָל אַרויסקומען ריין, אומשולדיג און אָהן פעהלער, אַז מיט קיין איין פלעקעל פון זעלבסטנוץ זאָל זי נישט ווערען בעפלעקט. דאָס האָבען זיי געוועקט אין דיר דיין ערדישע ליעבע. מיין ברודער מיכאַל, דיינע עלטערן, אפשר, האָבען געוואָלט פערבינדען מיט זייערע אינטערעסען, — אָבער דו ביסט ריין, אומשול־דיג. (קושט זי).

יוסטינאַ (ווי פאַר זיך). איך האָב גע־מיינט, אַז גאָט וועט זיך פרעהען מיט מיין ליעבע צו מיכאַל'ן ; אַז דאָס איז אַ טייל פון מיין ליעבע צו איהם.

קאַרלינאַ. דאָס, שוועסטער, שטאַמט נאָך פון די אַנשויאונגען, וואָס דו האָסט גענו־מען ביי די מענשען, מיט וועלכע דו האָסט פערקעהרט ביז יעצט — צוצושרייבען גאָט אַל דאָס ערדישע, אַריינגעהמען איהם אין זייערע טעגליכע געשעפטען. דער גלויבען, אין וועלכען דו קומסט יעצט אַריין, פערלאַנגט אַבסאָלוטעס אַוועקשענקען זיך, אָבזאָגען זיין גענוס פאַר אַ העכערן אידעאַל — פאַר דער ליעבע צו איהם.

יוסטינאַ (מלחמה האַלטענדיג מיט זיך). איך פערשטעה. דו האָסט רעכט. אַזוי האָט געדאַרפט זיין, — נאָר איך בין צו זינדיג. איך בין אַ שוואַכער מענש, און מיין געפיהל צו מי־כאַל'ן איז צו שטאַרק, אַז איך האָב זיך געזאָלט אָבזאָגען דערפון, אַז איך זאָל בכח זיין עס צו אָפּפערן פאַר דעם העכערן געפיהל.

קאַרלינאַ (פויזע). מיכאַל איז אַן עהר־

רען־מענש. זיין וואָרט וועט ער יעדענפאַלס ערפילען.

יוסטינאַ. אָבער, קאַרלינאַ, איך האָב דאָך קיינמאָל נישט געקלערט צו טון עטוואָס קעגען דעם רצון פון אייער מוטער.

קאַרלינאַ. איך דאַנק דיר, יוסטינאַ, וואָס דו האָסט אונזערע געפיהלען און צוטרויען נישט אָבגענאַרט. איך ווייס, אַז דו ליידסט, אַז דיר טוט וועה, — נאָר צו דעם זיינען מיר געשאַפען: לערן דאָס ליידען און לערן די אָפּפערונג. וואָרום אונזער גלויבען אין דער וועלט, אין וועלכער דו געהסט יעצט אַריין, פערלאַנגט ליידען. — איך וויל דיך יעצט לאָזען אַליין מיט דיין צער. איך ווייס, דו בעדאַרפסט די איינזאַמקייט. (זי קושט זי אויפ'ן שטערן און געהט אַרויס מיט שטילע טריט).

יוסטינאַ (בלייבט אַליין. פאַלט צו דער ערד און נעמט אַרויס דאָס קליינע בילדעל, וועלכעס זי האָט הענגען אויפ'ן האַרץ און הויבט אָן צו בעטען). קריסטוס הערר! דו, דו וואָס קומסט אַרויס פון דעמזעלבען פאָלק און זעלבען לאַנד וואָס איך, — דו, דו, וואָס אין דיר פערבינדען זיך די ליידען פון אַלע — ווער זיינען מיר דאָס אַזעלכע? — דו, דו ווייסט מיין האַרץ, דו קענסט דאָך נישט אַקעגען דעם האָבען, וואָס איך האָב ליעב מיין מיכאַל'ן. איך האָב נישט קיינעם, קיינעם, אַ חוץ דיר . . . (וויינט פאַר'ן בילד. אַ לאַנגע פויזע אין שטילע טרערען. עס קומט אַריין די מוטער, טרעפט זי וויינען).

מ' מייזנער. טאָכטער, וואָס איז דאָס? וואָס איז געשעהן?

יוסטינאַ (הויבט זיך אויף, ווישט זיך אויס די אויגען). גאָרנישט, מאַמאַ.

מ' מייזנער. טאָכטער, טאָכטער, זאָג, וואָס איז דאָ געשעהן?

יוסטינאַ (פאַלט אויף דער מוטערס האַלז). מאַמאַ, מאַמאַ, ווער זיינען מיר דאָס אַזעלכע? פאַרוואָס האָט מען אונז פיינט? איהר האָט מיר גאָרנישט געזאָגט.

מ' מייזנער. וואָס האָבען זיי אויס דעם קינד געמאַכט! (זי רופט צום מאַן). בערנאַרד! בערנאַרד! קום נאָר אַריין. זעה, וואָס זיי האָבען פון קינד געמאַכט!

ה' מייזנער (קומט אַריינצולויפען). וואָס איז דאָ געשעהן? ווער איז דאָ געווען?

מ' מייזנער. קאַרלינאַ, מיכאַלס שוועסטער. — זעה, ווי דאָס קינד זעהט אויס!

ה' מייזנער. טאָכטער, מיין אָרים קינד! וואָס האָט זי דיר געזאָגט? דיך בעליידיגט?

יוסטינאַ. ניין, פאַפּאַ. — נאָר פאַרוואָס איז מען אונז אַזוי חושד? פון וואָס פאַר אַ מענשען קומען מיר אַרויס? — פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט, ווער זיינען מיר דאָס אַזעלכע? גאָרנישט געזאָגט . . .

ה' מייזנער (נעמט אַרום זיין טאָכטער). דו קומסט אַרויס פון אָרענטליכע מענשען, מיין קינד. דו האָסט דיך גאָרנישט צו שעמען, פאַר קיינעם נישט, פאַר קיינעם נישט. (ער ווייזט אויף דער פרוי). דיין מוטער איז אַן אנשטענדיגע פרוי. דיין פאָטער האָט מיט עהרליכקייט געמאַכט זיין פערמעגען. האָסט דיך מיט דיינע עלטערן גאָרנישט צו שעמען, פאַר קיינעם נישט, פאַר קיינעם נישט.

יוסטינאַ. אָבער פאַרוואָס איז מען אונז חושד? פאַרוואָס גלויבט מען אונז נישט?

ה' מייזנער. דאָס זיינען נאָך אנשויאונגען פון מיטעל־אַלטערליכע צייטען, מיין טאָכטער, ווען מען האָט דעם אידען פיינט געהאַט. היינט לעבען מיר, גאָט צו דאַנקען, אין אַ ציוויליזירטער וועלט. אָ, מיר לעבען אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. אַלע מענשען זיינען גלייך, צי קריסט, צי איד. — זיי וועלען דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציאָן נישט אָבשטעלען. מיר זיינען שוין, גאָט צו דאַנקען, אַרויסגעוואַקסען דערפון. אַלע זיינען גלייך — דער וואָס ערפילט נאָר זיין חוב פאַר דער געזעלשאַפט, דער וואָס איז נאָר אַן אָרענטליכער מענש. האָסט זיך, טאָכטער, גאָרנישט צו שעמען פאַר זיי. עס איז שוין פאַרביי די צייט, ווען דער פאַן האָט געהערשט איבער'ן איד.

יוסטינאַ. אָבער, פאַפּאַ, עס מוז דאָך עפּיס זיין. זאָג מיר, פאַפּאַ, וואָס האָבען מיר געטאָן אַזעלכעס, וואָס מען קוקט אויף אונז מיט חשד?

ה' מייזנער. וואָס, עס געפעלט זיי נישט דער שידוך? — מיר אויך נישט. מיין קינד, — (נעמט זי אַרום) — דו האָסט גאָרנישט וואָס ביי דיר צו פאַלען, — דו ביסט אַזאַ מיוחסת, ווי זיי. (ער קושט זי אין קאָפּ). דו ביסט ווי אַ גרעפינס אַ טאָכטער. דיין פאָטער האָט אַלע חובות בעצאָהלט, עהרליך געהאַנדעלט, און אויף דיין טאַטען לויפען נישט אַרום קיין וועקסלען אין גאַס, — בעהאַלט נישט קיין אָרימע אידען קיין געלד, ווי אַנדערע טוען. דו האָסט גאָרנישט וואָס צו פאַלען ביי דיר. דו ביסט רייכער פאַר זיי, שטאַרקער פאַר זיי, האָסט מעהר מעגליכקייטען פאַר זיי און ערציהונג האָסטו בעקומען אַ בעסערע פאַר זיי. דו וועסט דיך נישט אַזוי בעגעהן מיט מענשען, ווי זיי בעגעהען זיך.

יוסטינאַ. און דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגען, אַז איך בין רייכער פאַר זיי! . . . אַ פאַפּאַ, איך בין רייכער פון זיי, יאָ. איך האָב אַלע מיינע וועקסלען געצאָהלט, — איך פערשטעה אַלץ. איך האָב זיך מיט גאָרנישט צו ווייזען, נאָר מיט מיין פאָטערס געלד . . . זיי האָבען רעכט, פאַפּאַ, — רעכט! . . .

ה' מייזנער. וואָס פערשטעהסטו? וואָס

רעכט ? — יאָ, דו האָסט געלד. געלד איז אַ גרויסע זאַך, — ביי דעם, וואָס האָט עס געמאַכט מיט עהרליכקייט, מיט זיינע פינף פינגער, ווי דיין פאָטער האָט עס געמאַכט, ווי דיין מוטער האָט געאַרבייט. יאָ, געלד. דער, וואָס בעצאָהלט זיינע חובות, אויף דעם וואָס ס'זיינען קיין וועקסלען אין גאַס נישטאָ — דער איז אַן אַדעלמאַן, דער איז אַ הראַביע ! נישט ווי מאַנכע, וועלכע גיבען אוים מעהר, וויפיעל זיי קענען . . . . וואָס פערשטעהסטו ? וואָס האָבען זיי דיר, די גויים, דעם קאָפּ פערדרעהט ?

יוסטינאַ. דאָס, וואָס דו האָסט מיר גאָרנישט מעהר וואָס מיטצוגעבען, נאָר דיין געלד ; אַז איך בין אַ רייכע אידישען באַנקירס אַ טאָכטער, וואָס איהר פאטער האָט וועקסלען בעצאָהלט, קיינעם קיין געלד נישט שולדיג און האָט נאָך אין זיין טייסטער אַ פולען פּאַק מיט באַנקנאָטען, — אָט דאָס איז מיין יחוס ! דאָס האָב איך פון מיין פאטערס הויז מיטצוברענגען — מעהר גאָרנישט ! . . . (זי פאַלט צוזאַמען און וויינט).

ה' מייזנער. וואָס רעדט זי, מאַמאַ, וואָס רעדט זי ? — זי רעדט ווי אַן אַנטיסעמיטקע, ווי אַלע גויים רעדען, נאַ, דאָס קומט אַרויס פון חבר'ן זיך מיט זיי. — האָסט געהערט ? — געלד, אַז אידען האָבען געלד, ווי אַלע גויים זאָגען. נאַ, זעה, וואָס זיי האָבען אוים דעם קינד געמאַכט ! — וואָס פאר אַ שפּראַך האָסטו דאָס געקראָגען, מיין טאָכטער ? !

יוסטינאַ. איך הויב אָן צו פערשטעהן יעצט מיין ברודער, יעצט, ווייס איך, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דער היים, פאַרוואָס ער וויל פון אייך קיין געלד נישט נעמען.

ה' מייזנער. וואָס האָט זי געזאָגט ? ווייסטו פון דיין ברודער ? — וועסט אויך טון, ווי ער ? — פערשטאַכט אייער פאָטער, פעראַכט ! . . . וואָס, איך האָב גע'גנב'עט, גע'גזל'ט ? זאָגט, זאָגט, וואָס האָט איהר צו מיר ? (מען קלאַפּט אין טיר. זיי בלייבען אַלע פערוואונדערט. די טיר עפענט זיך. עס קומט אַריין מיכאַל).

מ' מייזנער. בערוהיג דיך. זעה, ווער עס איז דאָ.

ה' מייזנער (צום הראַביע). דאָס האָבען מיר אייך צו פערדאַנקען, העהר.

מיכאַל (דערשראָקען). אָבער וואָס איז געשעהן ? (זיי ווערען אַלע שטיל. צו יוסטינאַ'ן) יוסטינאַ, וועסט דאָך מיר דערקלערען.

יוסטינאַ (נעמט איהם אָן ביי דער האַנד). אַך מיכאַל, מיכאַל ! דו מיין איינציגער — העלף מיר ! איך בין אַזוי אַליין.

מיכאַל (צו ה' מייזנער). איך ווייס נישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען — נאָר אייער טאָכטער'ס עהרע איז מיין עהרע, און איך וועל זי פאָדערן, פון וועמעס האַנד דאָס זאָל נישט זיין.

ה' מייזנער. איך קען נישט ערלויבען, הראַביע, אַז מען זאָל מיין טאָכטער בעליידיגען ביי מיר אין שטוב — מעג עס זיין פון וועמען דאָס איז. איך פערלאַנג קלאָרע סיטואַציאָן.

מיכאַל (אויסגעשריגען). אָבער ווער האָט זי בעליידיגט ? ווער האָט עס געוואַגט ? (ער ווענדט זיך צו יוסטינאַ'ן). יוסטינאַ !

ה' מייזנער. אייער אייגענע שוועסטער.

מיכאַל (ווערט בלייך). קאַרלינאַ ! אַך, גאָט ! . . . (ער פערשטעלט זיך די אויגען מיט די הענד).

יוסטינאַ. ניין, מיכאַל, זי האָט מיך נישט בעליידיגט. זי האָט מיר נאָר געזאָגט אַ גרויסען, טרויעריגען אמת, פאַר וועלכען איך בין איהר דאַנקבאַר.

מיכאַל. ה' מייזנער, מאַדאַם מייזנער, (ער קושט איהר די האַנד). דאָ איז אַרויסגעקומען אַ שרעקליך מיספערשטענדנים. איך בעט אייך, ערלויבט מיר אייער טאָכטער דאָס צו דערקלערען. איך גלויב, אַז די זאַך וועט זיך באַלד אויפקלערען. איך בין איבערצייגט, מיין שוועסטער האָט געהאַנדעלט אויף אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט.

ה' מייזנער. איך ווייס נישט, אויב מיין טאָכטער וועט וועלען, נאָך דעם וואָס עס איז פאָרגעפאַלען, מיט אייך אַליין בלייבען.

מיכאַל. יוסטינאַ, איך מוז מיט דיר רעדען, איך מוז דיר דערקלערען. איך בעט דיך — האָרך מיך אוים.

יוסטינאַ (פאַלט אויף מיכאַל'ן). מיכאַל, מיכאַל, מיין איינציגער — העלף מיר ! . . . פּאַפּאַ, מאַמאַ, איך בעט אייך — לאָזט אונז אַליין.

ה' מייזנער (צו דער מאַדאַם). קום, לאָז זיי אַליין. (פערלאָזען דעם צימער).

מיכאַל. יוסטינאַ ! (ער קושט איהר די הענד, דעם קאָפּ). דאָ איז אַרויסגעקומען אַ גרויס מיספערשטענדנים. איך ווייס נישט, וואָס קאַרלינאַ האָט גערעדט מיט דיר, אפשר האָט זי דיך בעליידיגט, — אָבער בערוהיג דיך. זי האָט עס געטאָן אויף איהר אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט. די מאַמאַ איז גענויגט צו דיר, יוסטינאַ. — איך קום יעצט פון פאָטער אַנטאָניוס, — ער ליעבט דיך ווי אַן אייגענע טאָכטער. איך האָב איהם דערצעהלט פון אונזער ליעבע, — ער האָט זיך זעהר געפרעהט. ער האָט מיר צוגעזאָגט מיט דער מאַמאַ איבערצורעדען און זי איבערצוצייגען אין דער ריכטיגקייט פון אונזער שידוך. ער האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער מוטער. איך בין איבערצייגט, יוסטינאַ, אַז די מאַמאַ וועט איינוויליגען.

יוסטינאַ (טוליעט זיך צו איהם). אַך מיכאַל, מיכאַל, דו מיין איינציגער... איך האָב דאָך

נישט קיינעם, קיינעם . . . איך קען דאָך נישט גלויבען, אַז מיט דעם, וואָס איך ליעב דיך, בעגעה איך אַ זינד קעגען גאָט. זאָג, מיכאַל, דאָס האָט דאָך גאָט געמאַכט, אַז דו זאָלסט מיך ליעב קריגען, אַז דו זאָלסט מיין שוץ־מלאך זיין, אַז דו זאָלסט מיך פון דאַנען אַרויסנעמען, אין אַ בעסערע, אין אַ שעהנערער וועלט פיהרען? זאָג, מיכאַל, איז עס דען נישט אַזוי? פרעהט זיך נישט גאָט מיט אונזער ליעבע?

מיכאַל (קושט זי). אָ, מיין יוסטינאַ, איינציגע . . . (ער קושט זי מיט ליידענשאַפט). דאָס זאָגט דאָך אויך אונזער ליעבער פאָטער אַנטאָניוס. — פערגעס אָן דעם וועהטאָג, וואָס מיין שוועסטער האָט דיר אָנגעטאָן. איך וויים נישט, וואָס זי האָט גערעדט צו דיר, — נאָר דיין צער איז מיין צער און מיין שאַנד . . . וואָס קאָן איך טון? — איך בין צו שוואַך קעגען איהר: זי איז אַ פרוי. זאָג, האָט זי דיך בעליידיגט?

יוסטינאַ. אָ ניין, מיכאַל, זי האָט מיך נישט בעליידיגט. זי האָט מיר געזאָגט דעם אמת. זי האָט מיר די אויגען אויפגעעפענט, צו וויינען מיר, אין וואָס פאַר אַ וועלט איך האָב געלעבט ביז היינט. אַז איך האָב קיינעם נישט, קיינעם נישט אַחוץ דיך . . . אָ, ווי דאַנק איך גאָט וואָס האָט מיר דיך צוגעשיקט! . . . אָ, איך פערשטעה, מיכאַל, איך פערשטעה, פאַרוואָס דו ווילסט נישט נעמען פון מיין פאָטער קיין געלד, קיין נדן, און ווי דאַנק איך דיר דערפאַר! איך וועל דיין דיענסט זיין, דיין דיענסט,—נור נעם מיך ארויס פון דאַנען, אָ דו, מיין איינציגער! . . . (זי קלאַמערט זיך אָן איהם).

מיכאַל. איך דאַנק דיר, יוסטינא. איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט נישט פערלירען דעם צוטרויען צו מיר, איך האָב געוואוסט.

יוסטינאַ. יעצט ערשט רעכט נישט, מיכאַל. איך האָב דאָך קיינעם נישט, נאָר דיך. מיין פאָטער־מוטער האָב איך פערלוירען, פערלוירען . . . אָבער זאָג מיר, מיכאַל, האָבען זיי טאַקע גאָרנישט מעהר, נור דאָס געלד, פון וועלכען מיין פאָטער רעדט? איז ביי זיי קיין אַנדער נשמה נישטאָ? איך וויים נישט. מען האָט עס פון מיר פערהוילען, מען האָט מיך שטענדיג געהאַלטען בעזונדער. איך האָב געהערט, אַז מען שלאָגט אידען, — מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זיינען אַנדערע אידען, אַז איך קעהר מיך גאָר נישט אָן מיט זיי . . . איך האָב געהערט, אַז מען האָט זיי פיינט, — מיין פאָטער האָט מיר איינגערעדט, אַז דאָס זיינען נאָך איבערבלייבענס פון מיטעל־אַלטער. עס קען דאָך נישט זיין! די וועלט איז דאָך פיין געבילדעט. איך קען דאָך דיין מוטער, דיין שוועסטער, איך וויים דאָך, ווי איהר בעגעהט זיך מיט דעם קלענסטען בעשעפעניש, זאָג מיר, פאַרוואָס האָט מען זיי אַזוי פיינט? האָבען זיי טאַקע גאָרנישט מעהר, נאָר דאָס געלד?

מיכאַל. אָ, קינד, דו ביסט גאָר אַנדערש פון זיי. דו האָסט גאָרנישט מיט זיי צו טון. דו ווייסט נישט פון זייערע געשעפטען, דו ביסט אַנדערש. פאַר דיר האָט זיך גאָט אָנגענומען . . .

יוסטינאַ. אַלע זאָגט איהר אַזוי. אָבער וואָס זיינען זיי — דער שטאַם, פון וואַנען איך קום אַרויס? איך קום צו דיר, מיין פריינד, זאָג מיר פון וואַנען קום איך אַרויס? איך וויים עס נישט. איך וויים עס נישט מעהר, ווען דיין מוטער, וואָס האָט רחמנות אויף דעם מינדעסטען בעשעפעניש — אַז זי האָט זיי פיינט, דאַרף מען זיי פיינט האָבען. זאָג מיר, דו איינער אַליין קענסט מיר זאָגען דעם אמת.

מיכאַל. צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסען? דו ווייסט נישט פון זייערע געשעפטען.

יוסטינאַ. יאָ, מיכאַל, איך דאַרף דאָס וויסען. איך דאַרף זעהן דעם גאַנצען אָבגרונד, פון וואַנען איך קום אַרויס. איך וויל אַוועקגעהן פון זיי מיט דערזעלבער פעראַכטונג, וואָס איהר האָט צו זיי. מיך עקעלט אויך זייער געלד. איך וויל אַוועקגעהן אין דעם אַנדערן גלויבען, אין דער בעסערער וועלט, אין וועלכער דו פיהרסט מיך אַריין, מיט דער איבערצייגונג, אַז איך געה אַוועק פון שלעכטס צו גוטס. זאָג, וואָס האָבען זיי אויסער זייער געלד? זיינען, ווירקליך, אידען אַזוי מיאוס, אַז מען דאַרף זיי חושד זיין?

מיכאַל. איך האָב צו אידען גאָרנישט. דאָס איז אַ האַנדעלס־פאָלק. עס געפינען זיך צווישען זיי זעהר אַנשטענדיגע מענשען. אָט קען איך איינעם אַ האַנדליאַרזש. נאָך מיין פאָטערס טויט, ווען איך האָב זיך גענומען די גיטער צו פערוואַלטען, האָט ביי אונז אין הויף געהאַנדעלט אַזאַ אָרים אידעל שעפסען. מאָשעק האָט מען איהם גערופען. קומט ער אַמאָל צו מיר, גיט מיר אַ קוש אין האַנד און זאָגט מיר: „שלאַכטשיצו, דער אַלטער פאַן האָט מיר צוגעבאָרגט צו די פאַריאָהריגע שעפסען הונדערט רובעל, האָב איך זיי יעצט אָבגעבראַכט“. נו, איז עס נישט קיין פיינקייט פון אַ אידען אָבצוגעבען אַן אַלטען חוב? ער האָט געוואוסט, אַז איך וועל נישט וויסען, — מיין פאָטער האָט נישט אַזוי מדקדק געווען אין די חשבונות.

יוסטינאַ (קוקט איהם אָן פערוואונדערט — ווערט צומישט — פאַסט זיך, זאָגט דאַן נאָך אַ פויזע). אפשר האָט ער געוואָלט אַזוי אַרום ביי דיר זיך איינקויפען?

מיכאַל. עס קען זיין. אָבער פאַרוואָס זאָל איך געהן נאָכקלערען, וואָס יענער מיינט?

פאַר מיר איז עס גענוג, אַז אַ איד געפינט זיך אַזוי פערפּליכטעט. איך האָב נאָר נישט ליעב די רייכע, די קולטורעלע פון זיי.

יוסטינאַ. זיי זיינען דאָך ציוויליזירטע מענשען ?

מיכאַל. ציוויליזירטע. זיי קליידען זיך נאָך דער לעצטער פּאַריזער מאָדע, זיי רעדען אין ציוויליזירטע שפּראַכען, און דערביי זיינען זיי שוצלאָז — יעדער איינער קען זייערע פרויען בעליידיגען, זייערע טעכטער פערגוואַלדיגען — ווי נישט לאַנג איז דאָ דער פאַל געווען — און זיי האָבען נישט קיינעם, ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען . . . זיי האָבען די געוועהנהייט פון אויפפּאַלענקייט, ווי זיי וואָלטען שטאָלצירט מיט דעם געלד, וואָס זיי האָבען ; ווי דאָס געלד וואָלט זייער היים געווען. זיי נעמען אַזוי לייכט אָן די זיטען פון יעדען לאַנד. . . אָבער, קינד, צו וואָס דאַרף מען רעדען דערפון ? דו ביסט שוין אַרויס פון זיי און געהערסט שוין אין אַן אַנדער וועלט אַריין.

יוסטינאַ (ווי פאַר זיך). בין איך אויך שוצלאָז געווען ? האָט מען מיר אויך געקענט בעליידיגען, בעשימפּפען, ווי זיי אַלע, און קיינער וואָלט זיך נישט געהאַט פאַר מיר אָנצונעמען, קיין ברודער וואָלט מיין שאַנד נישט געפאָדערט ? — און איך בין אַרומגעגאַנגען שטאָלץ, אין זיידענס געפּוצט, מיט באָנעס בעוואַכט, דינער האָבען אויף מיין וואונק געוואַרט אין מיין טאַטענס רייכע שטיבער — און איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַ גרעפין — אַ פּאָלק, אַן אַרמעע וואַרט הינטער מיר זיך אָנצונעהמען פאַר מיין עולה, ווי פאַר יעדער טאָכטער פון דער ציוויליזירטער וועלט . . . אָ, איך פּוסטע אידישע טאָכטער, געשמינקט מיט ציוויליזאַציע — און נאַקעט און אָרים, ווי דאָס אָרימסטע ציגיינער־קינד ! . . .

מיכאַל. וואָס רעדסטו, יוסטינאַ ? פאַר דיר איז דאָ ווער זיך אָנצונעמען, דיין כבוד צו שיצען.

יוסטינאַ. אַ ניין, מיכאַל, איך האָב נישט קיין רעכט צו פערלאַנגען פון דיר שוץ. צו איידעל איז דיין האַנד זיך אָנצונעמען פאַר אַזאַ ציגיינער־קינד, ווי איך בין.

מיכאַל. וואָס רעדסטו, יוסטינאַ ? דו ביסט שוין לאַנג אַרויס פון זייערע רייהען.

יוסטינאַ. מיר דאַכט זיך, מיכאַל, אַז דיין שוועסטער האָט רעכט, אַז איך האָב נישט קיין רעכט צו פערלאַנגען ביי אַנדערע שוץ, נאָר ביי דעם, וואָס האָט מיך בעשאָנקען מיט זיין חסד פון קליינערהייד אָן, ביי איהם נאָר אַליין דאַרף איך זוכען זיכערהייט.

מיכאַל. יוסטינאַ, ווי זאָל איך דאָס פערשטעהן ?

יוסטינאַ. איך קום אַרויס פון אַ פּאָלק, וועלכעס מען איז חושד, און איך זעה, אַז מיט רעכט האָט מען אויף זיי פערדאַכט. מיין ליעבע צו גאָט דאַרף זיין ריין, אָהן אייפערזוכט, אַז קיינער זאָל נישט קענען זאָגען, אַז איך האָב אַן אַנדער מיין געהאַט.

מיכאַל. אָבער, יוסטינא, וואָס רעדסטו? האָבען דיך מיינע ווערטער אַזוי געקרענקט ? דו ווייסט, ווי איך וויל נישט רעדען דערפון . . .

יוסטינאַ. אָ, פערקעהרט, מיכאַל, איך בין דיר דאַנקבאַר דערפאַר. נאָר דאָס האָט מיך איבערצייגט, אַז איך קום אַרויס פון אַ פּאָלק, וואָס טראָגט אַ גרויסע זינד אויף זיך, און מיין לעבען מוז זיין אַ גרויסע תשובה, אַ גרויס אָפּפער — אַ לאַנגעס ליכט פאַר זיין בילד . . . אַנדערש וועט מען מיך חושד זיין, און מיט רעכט, מיכאַל.

מיכאַל. יוסטינאַ, וואָס רעדסטו !

יוסטינאַ (פאַלט צו איהם, גראָבט איהר פּנים אין זיין האַרץ, וויינענדיג). איך האָב נישט קיין רעכט אויף קיין גליק, מיכאַל ! . . . (אַ לאַנגע פּויזע. זי געהט אָב צו זיך אין צימער). פערצייה מיר, מיכאַל. איך מוז יעצט זיין אַליין. (געהט אָב).

מיכאַל (רופט איהר נאָך). איך געה, אָבער איך קום צוריק, יוסטינא !

פאָרהאַנג.

לעאָ דייטש

דר. יצחק קאמינער

(פון דער סעריע „אידען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג“)

(1834—1901)

דר. יצחק קאמינער איז אַ בעוואוסטער העברעאישער פּאָעט. אָבער זיין נאָמען פערדיענט אויך דערמאהנט צו ווערן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. ער איז אפילו ניט געווען קיין אַקטיווער פּאָליטישער טהוער, ער איז געווען דאָס וואָס מען רופט אין רוסלאנד אַ „מיט פיהלענדער“, און אלס אזעלכער האָט ער געבראכט ניט קיין קליינע נוצען דער קיעווער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון די 70־ער יאָהרען. זיין הויז איז געווען אַ זאַמעל־פּלאַץ פאַר דער רעוואָלוציאָנערער יוגענד. זיין הויז־געזינד — זיינע פיער טעכטער מיט זייערע חתנים — איינינגע פון זיי שפּעטער זיינע איידים׳ס — האָבען אַלע זיך בעטייליגט אין דער בעוועגונג פון די 70־ער יאָהרען. איינער פון זיינע איידימס האָט געשפּיעלט און שפּיעלט נאָך עד היום אַ זעהר וויכטיגע ראָלע. דאָס איז דער בעוואוסטער פּאַוועל אקסעלראָד, וועגען וועלכען איך האָב שוין גערעדט אין סעפּטעמבער נומער „צוקונפט“ פון 1913. איך האָב דר. קאמינער׳ן גוט געקענט.

איך בין געווען אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר 16־17, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אויף פּאָדאָל — יענער שטאָדט־טייל אין קיעוו, וואו אידען מעגען וואוינען — האָט זיך בעזעצט אַ מערקווירדיגער דאָקטאָר, אַ איד מיט׳ן נאָמען קאמינער. מען האָט זיך וועגען איהם אנדערצעהלט וואונדערליכע מעשׂות. געזאָלט האָט ער זיין אַ רב, ער האָט געהאַט גאון׳ישע פעהיגקייטען. צו 16 יאָהר — ער איז געווען אַ שוואכער, מאגערער אינגעל, דערצו נאָך אַ הויקער — האָבען איהם די עלטערן חתונה געמאַכט מיט אַ מיידעל, וואָס איז געווען נאָך אינגער פון איהם. און דאָ פּלוצלינג קעהרט זיך דער גרויסער וואויל־לערנער אָב פון דער אידישער תורה און ווענדט זיך צו די גוי׳אישע וויסענשאַפטען. ער פערלאָזט מיט זיין פרוי זיין געבורטס־שטעדטעל לעפּקיאָוו, לעבען זשיטאָמיר, און לאָזט זיך אַוועק קיין ווילנא שטודירען. ווידער דיענען איהם זיינע פעהיגקייטען און צו 20 יאָהר ווערט ער אַ לעהרער און ער בעקומט אַ שטעלע אין דער זשיטאָמירער אידישער שולע. פינף יאָהר ארבייט ער שווער און ביטער אום אויפצוהאַלטען זיין פאמיליע, וועלכע האָט זיך פאַר דער צייט פערגרעסערט אויף גאַנצע פינף מיטגליעדער. אויפ׳ן זעקסטען יאָהר בעשליעסט ער צו שטודירען דאָקטאָר און מיט דיעזען צוועק בעזעצט ער זיך אין קיעוו און קומט אַן אין אוניווערזיטעט. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי עס האָט זיך געפּלאָגט קאמינער דער סטודענט, וועלכער איז שוין דאמאלס געווען אַ טאַטע פון זעקס קינדער. ער לערנט אַליין און לערנט אַנדערע און קעמפּפט טאָג־טעגליך מיט דער ביטערסטער נויט. אָבער זיין אייזערנער ווילען טראָגט איהם דורך אַלע שווערע צייטען און צו עטליכע און 30 יאָהר ענדיגט ער די אוניווערסיטעט און פערבלייבט אין קיעוו פּראַקטיצירען.

די פּאראָלער קבצנים האָבען באַלד אָבגעשעצט דעם קלוגען, פריינדליכען דאָקטאָר, וועלכער איז נאָך דערצו געווען אַן אויסגעצייכענטער פאַכמאַן, און וועלכער האָט נאָך געהאַט גאָר אַ בעזונדערע מעלה אין זייערע אויגען — ער האָט געשטאַמט פון זייערע ברידער־קבצנים. און קבצנים׳לאַך האָבען גענומען איהם אבשלאַגען די טהירען. קאמינער, פערשטעהט זיך, וואָלט פון זיי קיין עושר ניט געוואָרען. פון דער אַנדער זייט אָבער האָט קאמינער פלייסיג פאָרטגעזעצט זיינע מעדיצינישע שטודיען, און ער איז געוואָרען אַסיסטענט ביי דעם בעריהמטען קיעווער פּראָפעסאָר פון אינערע קראַנקהייטען, מערינג. קאמינערס מאַטעריעלע לאַגע פון דאַן אַן נעהמט זיך בעסערן. האָבענדיג אַליין פערזוכט דעם טעם פון ביטערער נויט אין דער יוגענד, האָט זיך איהם זעהר געוואָלט פערזאָרגען זיין פאמיליע און זיך אויף דער עלטער. ער ארבייט אָהן אויפהער, מיט אויסערגעוועהנליכער אנשטרייינגונג, און ער אַרבייט זיך טאַקע אַרויף אויף אַ מויער אין קיעוו און אויף אַ הויפעל אין טשערניגאָווער גובערניע. אָבער דער ניט פּראַקטישער קאמינער פערקריכט דערביי אין חובות איבער׳ן קאָפּ, ער ווערט אין גיכען אַן דעם מויער און בלייבט ביים הויפעל, וועלכער אנשטאַט הכנסות, טראָגט איהם אַריין אַ ריינעם יעהרליכען פערלוסט.

שוין מעהר נחת האָט דר. קאמינער געהאַט פון זיינע קינדער. ער האָט האָס לעבען אַוועקגעלעגט אויסצובילדען זיינע קינדער. עס

איז איהם נאָך גוט געלעגען אין זינען זיינע אייגענע טרויעריגע יוגענד. זיינע קינדער מוזען פון דעם בעפרייט ווערן ! די שעהנסטע בילדונג, די בעסטע ערציהונג מוזען זיי געניסען ! פאר קאמינער׳ן האָט גאָר קיין העכערער ציעל ניט געקאָנט געבען. ער דינגט פאר זיי די ערפאהרענסטע לעהרער און מיט זיי צוזאמען ארבייט ער אויס גאַנץ אָריגינעלע ערציהונגס־מעטאָדען. און, ווירקליך, קאמינערס קינדער האָבען געהאַט אַ שם אין קיעוו — זיי האָבען זיך גערעכענט פאר די סאמע ענטוויקעלטע, פעהיגע און פאַרטגעשריטענע . . .

אָבער אויך מיט די קינדער איז איהם שפּעטער אוועקגעגאנגען גאַנץ אומגליקליך — איין זוהן, וועמען דער טאטע האָט געהאַלטען פאר אַ זשעני, ווערט אוועקגעריסען פון איהם דורך דער כאָלערא, וואָס האָט דאמאלס בעזוכט קיעוו ; אַ צווייטער נעהמט איין סם אנשטאט אַ מעדיצין און שטאַרבט. און פון די טעכטער, וועלכע זיינען געבליעבען זיין איינציגע האָפנונג, איז אויך דער נחת ניט געווען פאַרפול.

דאמאלס זיינען אין רוסלאַנד קיין העכערע קורסען פאר פרויען ניט געווען ; רוסישע פרויען פלעגען געצוואונגען זיין צו פאָהרען אין דער שווייץ, אין צוריך, וואָס איז געווען די איינציגע שטאָדט אין מערב אייראָפּא, וואָס האָט צו יענער צייט צוגעלאָזען פרויען צו העכערע בילדונג. קאמינער׳ס צוויי עלטסטע טעכטער נאדעזשדא און אויגוסטינא, וועלכע זיינען געווען אָן אויסנאַהם אפילו צווישען קאמינערס קינדער, זיינען אוועק קיין צוריך, (צווישען אידישע טעכטער זיינען זיי געווען די ערשטע) אָבער באַלד האָט די רוסישע רעגיערונג ארויסגעלאָזט אַ שטרענגען בעפעהל, אז אַלע „טרייע אונטערטהאַנען" מוזען זיך אומקעהרען אַ היים ; פאר ניט פאָלגען האָט זי בעשטימט אַ שווערע שטראָף ; זי האָט מורא געהאַט, אז די „אונטערטהאַנען" זאָלען זיך חלילה ניט אנשטעקען מיט פערברעכערישע אנשויאונגען. צוריך איז דאן געווען דער זאמעל־פּלאַץ פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען ; דאָרט האָבען געוואוינט די בעריהמטע רוסישע עמיגראַנטען באַקונין, לאַווראָוו, טקאַטשעוו.

אויך קאמינערס טעכטער האָבען צווישען פיעלע אנדערע געמוזט זיך אומקעהרען אַהיים ; זיי האָבען זיך אומגעקעהרט ניט געענדיגטע דאָקטוירים, אָדער פאַרטיגע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען גרייט געווען צו אָפּפערן זיך פאר זייערע אידעען.

ארום יענער צייט האָבען זיך אין קיעוו בעוויזען פאָוועל אַקסעלראָד און די צוויי ברידער לעווענטאל — נחמן און לייזער, וועלכע האָבען געזאָלט אָנקומען אין אוניווערזיטעט. אַלע דריי זיינען געוואָרען איינגעהער ביי קאמינער׳ן אין הויז און אין גיכען זיינען זיי געוואָרען די חתנים פון קאמינערס דריי עלטערע טעכטער. אַ פרישער גייסט האָט אַ בלאָז געטהאָן אין קאמינערס הויז. דער אַמאָליגער חלום פון געבילדעטען דאָקטאָר, אַז זיינע טעכטער זאָלען ווערען די געבילדעטסטע צווישען די קיעווער אידישע טעכטער, איז ניט מקוים געוואָרען ; דער יוגענד־בונד, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען ביי איהם אין הויז, האָט זיך געשטעלט גאָר אנדערע ציעלען : געהן אין פאָלק, העלפען איהם ארויסראַטעווען זיך פון זיין אומגליקליכער לאַגע און ארבייטען פאר דער פערווירקליכונג פון סאָציאַליזם. קאמינערס הויז איז געוואָרען דער צענטער פון קיעווער „פערשווערונג", דאָס בעהעלטעניס פון די „געפעהרליכסטע מענשען" און אַ סקלאַד פון פיעלע, גאָר שרעקליכע זאַכען, ווי פערבאָטענע ליטעראַטור, ארויסגעגעבען אין אויסלאַנד . . .

דר. קאמינער האָט גאַנץ גוט געוואוסט וועגען אַלעס, וואָס קומט פאָר ביי איהם אין הויז ; ער האָט אויך געוואוסט, אז ער קאָן אנשפאַרען דערפאַר אין די גאָר ווייטע מקומות — נאָך איצט איז די שטראָף דערפאַר צום ווייניגסטען סיביר ; אָבער דר. קאמינער האָט אָנגענומען פאר ליעב די נייע אָרדנונג, אָדער בעסער אונאָרדנונג, וואָס די יונגוואַרג האָט איינגעפיהרט ביי איהם אין הויז. צום גליק האָט זיך קיין אָזעף ניט געפונען דאן אין קיעוו; ערשט שפּעטער מיט אַכט יאָהר, אין 1880, איז זיין הויז ארויסגעגעבען געוואָרען צו דער פּאָליציי פון דעם בעקאַנטען גריגאָרי גאָלדענבערג. אָבער דאמאלס זיינען שוין זיינע טעכטער געווען אָדער אין אויסלאַנד, אָדער דאָרט, וואו קיין זשאַנדארם קאָן שוין ניט גרייכען. און גאָלדענבערגס אויסזאָגונגען האָבען קאמינערן פיעל שאַדען ניט געטהאָן.

* * *

קאמינער האָט זיך בעצויגען צו דער טהעטיגקייט פון זיינע עלטערע טעכטער ניט אָהן סימפּאַטהיע, אָבער אויך ניט אָהן איראָניע. ער האָט סקעפּטיש געקוקט אויפ׳ן גאַנצען עסק. ער האָט איבערהויפּט ליעב געהאַט אַ שפּאַס, אַ וויץ. ער פלעגט גאַנץ אָפט ציעלען זיינע פיילען אין אונז, יונגוואַרג, אָבער צו מעהרסטען פלעגט לייזען פון איהם „פּאַיניע־גנב" — דאָס פאָלק, פון וועלכען מיר זיינען אזוי ענטציקט געווען. ווי בעקאַנט, זיינען אויך די מעהרסטע פון זיינע ליעדער געפעפערט מיט סאטירע. דאָך, אין פערלויף פון די 70־ער יאָהרען, איז קאמינער גיכער געווען אַן אסימילאַטאָר, ווי אַ אידישער נאַציאָנאַליסט.

דאָ זיינען אונטערגעקומען די פּאַגראָמעי

פון אָנהייב אַכציגער יאָהרען. זיי זיינען אפילו ניט געווען אַזוי שרעקליך־ברוטאַל ווי די נייעסטע פּאָגראָמען פון 20סטען יאָהרהונדערט, אָבער דער רושם, וואָס זיי האָבען געמאַכט אויף דער אידישער אינטעליגענץ, איז געווען פיעל געוואַלדיגער. אויך אין קאַמינער'ן האָבען די פּאָגראָמען ארויסגערופען אַ גאַנצע גייסטיגע איבערקעהרעניש — דיעזער טיעפדענקענדער מענש איז גאָר אַן אַנדערער געוואָרען. דאָס האָט זיך אפילו אָבגערופען אויף זיין אייסערליכען אַרט לעבען, ער איז געוואָרען גלייכגילטיג צו מאַטעריעלע גיטער. אַ שטיק פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט אין זאַמלען רייכטום אום צו בעוואָרענען זיך

שלעפּט מיט זיך גאַנצע בערג.

ער פּרובט אויך אַנטייל נעהמען אין אידישער געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט : ער ווערט אַ מיטגליעד פון דער גובערנסקער אידישער קאָמיסיע פון יאָהר 1882. אויף די זיצונגען פון דער קאָמיסיע פייערט ער געגען דער רעגיערונג און איהרע בעאַמטע, וועלכע האָבען זיך אָבגעלייגט צו פערפאָלגען די אידען. דער גובערנאַטאָר, ווען ער האָט זיך איינמאָל דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער איהם אַרויסגענאַרט פון דער קאָמיסיע אונטער דעם אויסרייד, אז אין זיין דיסטריקט האָט זיך בעוויזען אַן עפּידעמיע.

און די פרייע שטונדען פערברייגגט ער

לייזער לעווענטאַל


דר. יצחק קאַמינער

נחמן לעווענטאַל

און דער פאמיליע געגען נויט, וועלכע האָט איהם אַזוי געשראָקען. איצט שרייבט ער אַ בריף, פול חרטה, צו זיינעם אַ פריינד, וואו ער בעט זיך ביי איהם, ער זאָל זיך היטען פאר'ן שטן, וועלכער טיליגט אונזער נשמה — פאר געלדגייציגקייט !

געוואוינט האָט ער דאַן אין זיין הויפעל, אין טשערניגאָווער גובערניע, אין דער גובערניע, וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס זעמסקער דאָקטאָר. קאַמינער פערנעהמט זיך מיט פערשיעדענערליי טהעטיגקייט : ער היילט אומזיסט אָרימע, ער העלפט נויטבעדירפטיגע, ער בעזוכט די טשערניגאָווער תלמוד תורה און זאָרגט זיך וועגען די קינדער — בעשענקט זיי מיט נאַשערייען און אַזוי זאַכען, וועלכע ער

אויף זיין גוט, לעזט, שטודירט און פערנעהמט זיך מיט ליטעראַרישע אַרבייטען ; ער דערמאהנט זיך ווידער אַן זיין יוגענד בעשעפטיגונג — אַן זיינע העברעאישע שירים. ער פערפאַסט זיי, געהענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער, אויסזינגענדיג זיי אויף אַ קול מיט אַן אַלט אידישען ניגון.

די ליעבע צו דעם געיאָגטען און געפּלאָגטען אידישען פאָלק ווערט דער הויפּט מאָטיוו פון זיין פּאָעזיע. פון איין זייט רופט ער דאָס פאָלק ישראל צו איינינקייט ; פון דער אנדער זייט פאַלט ער אָן אויף די שונאים פון פאָלק, אויף די אַנטרונענע, אויף דעם גביר דעם ליבעראַל, וועלכער האָט נור איין צוועק אין לעבען — געלד. ער זשאַלעוועט אויך ניט

יענע אידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז פער־פרעמדעט געוואָרען צום אידישען פאָלק.

זיינע ערשטע ליעדער האָבען געטראָגען א ריין סאָציאַליסטישען כאראקטער. פון זיי איז דאָס בעריהמטעסטע „דאָס ליעד פון דער מטבע“, וואָס איז געווען געדרוקט אין סאָציא־ליסטישען העברעאישען זשורנאל „האמת“, וואָס ליבערמאַן, צוקערמאַן א. א. האָבען ארויסגעגעבען אין וויען (1877). דער הויפט־געדאנק: גאָלד און געוואַלט בעהערשען די וועלט! אין זיינע לעצטע ליעדער, פון דער צייט, ווען ער האָט זיך דערנעהענט צום יודענ־טום, קלינגט גאָר אַן אנדער טאָן; זיי פער־קינדיגען די נייע געבורט פון אידישען פאָלק.

ער פערוואַרפט אין גאַנצען זיין מעדיצי־נישע פראַקטיק, און גיט זיך אָב אויסשליסליך מיט ליטעראַטור און פּאָעזיע. אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווערט אין איהם דער נאַציאָנאַ־לער געפיהל. עס בעשעפטיגט איהם איין גע־דאנק: ווי אַזוי ארויסצופיהרען די אידען פון רוסלאַנד און זיי בעזעצען אויף א נייע לאַנד. דערפאַר, ווען דר. הערצל איז געקומען מיט זיין פּלאַן צו קאָלאָניזירען פּאַלעסטינע מיט גרויסע אידישע מאַסען, האָט דר. קאַמינער ווי אויפגעלעבט. ווי גרויס זיין ענטוזיאַזם איז געווען, איז צו זעהן דערפון, וואָס אין א בריעף צו אחד העם׳ען זאָגט ער אָב די איינ־קינפטע פון אַלע זיינע ווערק פאַר דער „אָדע־סער קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט“.

עס איז קלאָר, אַז קאַמינער, — דער קאַ־מינער נאָך די פּאָגראָמען — האָט זיך געמוזט פיהלען זעהר געקרענקט דערפון, וואָס זיינע טעכטער און זיינע איידימס זיינען אַזוי ווייט אוועק פון אידען. צוויי פון די טעכטער האָבען לכתחילה חתונה געהאַט מיט קריסטען. אין איינעם פון זיינע ליעדער, וואָס איז פערעפענט־ליכט געוואָרען נאָך זיין טויט, קלאָגט ער זיך: „דער גייסט פון מיין פאָלק האָט פערלאָזען מיי־נע קינדער, צוליעב מיינע זינד; ווער ווייס, ווערט כאָטש בלייבען א זכר נאָך מיר ? . . . איך בין עטוואָס אראָב פון וועג, זיי האָבען אין גאַנצען איהם פערלאָרען . . .“ און ער רופט צו גאָט, וועלכער ווייס „די ליידען, די פּיין און די שאַנדע פון זיין צוועהטאָגטער נשמה“.

* * *

אין אָנהויב פון די אכציגער יאָהרען האָ־בען זיך קאַמינערס צוויי טעכטער אומגע־קעהרט פון אויסלאַנד און זיך בעזעצט מיט איהם אויף׳ן דאָרף. אָבער ניט לאַנג האָבען זיי פערבראַכט מיט׳ן פאָטער — זשאַנדאַרמען זיינען אָנגעקומען און כאָטש מען האָט ביי זיי קיין זאַך ניט געפונען האָט מען זיי אַרעסטירט און פערשיקט אויפ׳ן אדמיניסטראַטיווען אופן קיין סיביר. און נאָך א גרויסער אומגליק האָט איהם געטראָפען: זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט אָבגעלעבט 40 יאָהר אין ליעבע און אכ־טונג, איז איהם געשטאָרבען. דריי אנדערע טעכטער האָבען געוואוינט אין אויסלאַנד. און צו איהם אַליין האָט זיך צוגעקלעפּט א שווערע אינערליכע קראַנקהייט, וועלכע האָט איהם שרעקליך געפּייניגט. אַלט און שוואַך און פער־לאָזען, בעשליעסט קאַמינער ארויסצופאָהרען קיין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, וואו עס האָט געוואוינט זיין עלטערע טאָכטער נאַדעזשדאַ, די פרוי פון פּאַוועל אַקסעלראָד. אַקסעלראָדען האָט דער אַלטער קאַמינער שטענדיג געשעצט זעהר הויך. דאָס לעבען צווישען אייגענע און ליעבע האָט א ביסעל פערלייכטערט זיין שווע־רען געמיט, אָבער, פערשטעהט זיך, געזונד־מאַכען איהם האָט עס ניט געקאָנט. די קראַנק־הייט איז זיך אָנגעגאַנגען ווייטער. נאָך א ניט געלונגענער אָפּעראַציע, וואָס דער בעריהמטער פּראָפעסאָר קאָכער, פון בערנער אוניווערסי־טעט, האָט אויף איהם געמאַכט, איז קאַמינער געשטאָרבען, אין עלטער פון 67 יאָהר. די גאַנ־צע רוסישע יוגענד פון בערן האָט איהם בע־גלייט צום קבר.

* * *

מיר האָבען פריהער פאַרבייגעהענד דער־מאָהנט דעם קרייזעל אידישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געווען פערבונדען מיט קאַמינערס הויז. איצט ווילען מיר זיך אָבשטעלען אויף דעם א ביסעל לענגער.

אויסער קאַמינערס דריי עלטערע טעכטער — נאַדעזשדאַ, אויגוסטינע און סאָפיע, האָבען צום קרייזעל בעלאַנגט זייערע חתנים, און א חוץ זיי — סעמיאָן לוריע, וועגען וועלכען איך האָב שוין גערעדט*), גריגאָרי גורעוויטש, ווע־גען וועלכען איך וועל נאָך ריידען, און נאָך איי־ניגע פערזאָנען. פערשטעהט זיך, דעם ערש־טען פּלאַץ האָט פערנומען פּאַוועל אַקסעלראָד, נאָך איהם זיינען די וויכטיגסטע מיטגליעדער געווען, צוגלייך מיט סעמיאָן לוריע, די צוויי ברידער לעווענטאַל, נחמן און לייזער, וועלכע האָבען זיך גערעכענט פאַר די חתנים פון קאַ־מינערס צווייטער און דריטער טאָכטער. ווע־גען זיי וועל איך איצט זאָגען א פּאָר ווער־טער.

זייער פאָטער איז געווען א לעהרער פון

*) זעה „צוקונפט“ נאָוועמבער, 1913.

א אידישער שולע. ער האָט בעשלאָסען אוועקצוגעבען זיינע ביידע פעהיגע אינגלאך אין גימנאזיע, וואָס דאָס איז געווען א זעהר דרייסטע טהאט ביי יענע צייטען — דאָס האָט געהייסען מאכען די קינדער פאר גוים. דער לעהרער אָבער האָט זיך איבערהויפט געהאלטען ווייטליך פון אידען און ער האָט געהאט גאָרנישט קיין אידישען געשמאק: ער פלעגט צ. ב. ש. ארויסגעהן מיט זיינע קינדער הינטער'ן שטאָדט און מאכען מיט זיי דאָרט גימנאסטיק אויף דער פרייער לופט.

ער האָט אליין מיט זיי געלערנט שפראכען, צייכנען, זיי אריינגעגעבען אין גימנאזיום, וועלכעס זיי האָבען געענדיגט מיט גאָלדענע מעדאלען — נחמן אין עלטער פון 17 יאָהר, לייזער 16. אין 1872 פאָהרען זיי אוועק קיין קיעוו, אום אנצוקומען אין אוניווערסיטעט, און דאָ טרעפען זיי זיך מיט פאוועל אקסעלראָד — און דיעזע פאסירונג מאכט אן איבערקעהרעניש אין זייער לעבען: זיי ווערען סאָציאליסטען. אויס אוניווערסיטעט און לערנען זיך — מען „געהט אין פאָלק“.

ביידע גרייטען זיך אין וועג אריין — צו די פויערים אין דאָרף. מען טהוט זיך איבער און מען געהט אין די קיעווער ארבייטער־ארטעלען, וואו מען פראפאגאנדירט דעם סאציאליזם. איך וויים ניט, צי די צוויי אידישע בחורים'לעך האָבען וועו אריינגעשמעקט אין א גוי'אישקען דאָרף, איך וויים נור, אז אין 1874, צוליעב סעמיאָן לוריעס ארעסט, האָבען זיי צוזאמען מיט פאוועל אקסעלראָד, עמיגרירט נאָך אויסלאנד.

דער עלטערער נחמן האָט שוין ניט דערלעבט צוריקצוקומען. ער איז געווען דער פעהיגסטער. ער איז געווען א זשעני אין מאטעמאטיק. „דער צוקינפטיגער העלמהאָלץ“, ווי די חברים האָבען איהם גערופען. און דאָס איז געוואָרען זיין טראגעדיע. אָנקומענדיג אין בערלין, בעזוכט ער לעקציעס פון פיזיק און מאטעמאטיק, אינטערעסירט זיך מיט דער דייטשער ארבייטער־בעוועגונג. און דאָס האַרץ רייסט זיך צוריק נאָך רוסלאנד — ארבייטען אין פאָלק! — און די וויסענשאפט שמידט צו צו זיך, און דאָ איז צוגעקומען אן אונגליקליכע ליעבע. ער האָט זיך פערליעבט אין א מיידעל, וועלכע האָט געליעבט זיין א חבר. דאָס איז שוין געווען איבער זיינע כוחות. ער טרינקט אויס שוועבעל־זויערע און ווארפט זיך אין וואסער אריין. פון וואסער האָט מען איהם ארויסגעציגען, אָבער דער סם האָט איהם געטויטעט. ער איז אין גאנצען אלט געווען 18—19 יאָהר. דאָס איז געווען א בעגאבטע נאטור, א שטורמדיגער כאראקטער, האסטיג אין ליעבען און אין האנדלען. אומגעקומען איז אין איהם א גרויסער אייראָפּעאישער געלעהרטער, א דאנק הויפּטזעכליך, די טרויעריגע רוסישע פּאָליטישע אומשטענדען, וועלכע לאָזען ניט רוהען קיין עהרליכען מענשען און רופען איהם מיט געוואלט צום קאמפף . . .

דער צווייטער ברודער, לייזער לעווענטאל איז שוין גליקליכער געווען פון איהם. אריינגעפאלען איז ער פון אנפאנג אין טערקיי, וואו ער האָט בוכשטעבליך געהונגערט. קוים מיט צרות דערשלעפּט ער זיך ביז בערלין. א דאנק זיינע קינסטלערישע פעהיגקייטען — ער האָט ניט שלעכט געצייכענט — גיט זיך איהם איין צו געפינען פון צייט צו צייט ארבייט. אָבער ער קען זיך ניט בעשליסען צו בלייבען אן עמיגראנט — ער פאָהרט צוריק אונלעגאל קיין רוסלאנד, פערברייננגט דאָרט 2—3 יאָהר, און קעהרט זיך ווידער אום נאָך אויסלאנד — דאָס מאָל אין דער שווייץ — זשענעווע — און קומט אן אין אוניווערסיטעט. ווידער קומען איהם צוניץ זיינע מאהלערישע פעהיגקייען — פון אבענד ארבייט ער אין א פאָטאָגראפיע, ביי טאָג אין אוניווערסיטעט. זיינע אנאטאָמישע מאָדעלען זיינען אזוי קינסטלעריש אויסגעארבייט, דאָס דער פראָפעסאָר פון אנאטאָמיע שטעלט איהם אָן אלס מאָדעליסט־פּרעפּאראטאר ביי דער אוניווערסיטעט. אויף'ן דריטען קורס בעמערקט איהם דער בעריהמטער פיזיאלאָג שיף און נעהמט איהם צו צו זיך אלס אסיסטענט. איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס תיכף ווי ער ענדיגט די אוניווערסיטעט, ווערט ער איינגעלאדען אויף א פראָפעסאָרשטעלע אין לאָזאן, וואו ער געפינט זיך ביז'ן היינטיגען טאָג. ער האָט געשריעבען פיעלע ווערק, וועלכע האָבען בעריהמט געמאכט זיין נאָמען צווישען די געלעהרטע. פון סאָציאליזם און סאָציאליסטישער בעוועגונג האָט ער זיך שוין לאנג אָבגעקעהרט.

ב. גאָרין

די געשיכטע פון אידישען טעאטער

טהעאַטער ביי אידען אין צייט פון בית שני

Copyright, 1914, by B. Gorin

פון וואַנען טהעאַטער האָט זיך גענומען ביי אידען. — די שנאה פון די פרומע געגען דער דאָזיגער קונסט. — פאַר וואָס דער אידישער גייסט איז געגען טהעאַטער. — געצענדיענריי, אויסגעלאַסענהייט אויף דער ביהנע. — אַ אידישע דראַמע אין גריכיש, אַלט איבער צוויי טויזענד יאָהר. — דער אידישער אַקטיאָר וואָס איז געווען אַ ליעבלינג ביי נירון קיסר.

פאָר די אַלטע פאַרצייטיגע וועלט האָט פון קיין טהעאַטער ניט געוואוסט, די דראַמע איז איהר אין גאַנצען פרעמד געווען. די גריכען זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבען געשאַפען די דאָזיגע קולטור. אין גריכענלאַנד האָט זיך די דראַמע אָנגעהויבען צו ענטוויקלען מיט אַ יאָהר דריטהאַלבען טויזענד צוריק און דאָרטען האָט זי דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט.

פון גריכענלאַנד האָט זיך די קונסט פון טהעאַטער גענומען פערשפּרייטען צווישען די אַנדערע פעלקער. אַלעקסאַנדער מוקדן האָט אַ האַלבע וועלט איינגענומען און איינגעפלאַנצט דאָרט די גריכישע קולטור.

ארץ ישראל האָט אויך ניט געקאָנט ווידערשטעהן דעם צויבער פון העלעניזם און די אידישע אַריסטאָקראַטיע איז געוואָרען דורכגעדרונגען מיט'ן גריכישען גייסט. אין די לעצטע פאָאר הונדערט יאָהר פאַר'ן חורבן בית שני איז די אומגאַנגס־שפּראַך צווישען די אידישע אַריסטאָקראַטען געוואָרען גריכיש. יוסף, שמעון הצדיק'ס אייניקעל, האָט ברייט פערנאַנדערגעעפענט די טהויערען פון ירושלים פאַר דער גריכישער השפעה. די קינדער פון יהודה האָבען זיך אָבגעגעבען מיט אַלערליי אָלימפּישע שפּיעלען און די אידישע העלעניסטען האָבען זיך אַזוי ווייט געריסען פון הויט צו זיין גריכיש, אַז זיי האָבען אפילו געפייערט דעם יום־טוב לכבוד דעם גריכישען וויין־גאָט דיאָניסאָס, וועלכער איז מעהר בעקאַנט אונטער זיין רוימישען נאָמען באַקכוס. דער קעניג הורדוס האָט געלאָזט בויען טהעאַטערס אין ירושלים און מען האָט דאָרטען אויפגעפיהרט פרעמדע דראַמען.

אויף אַזאַ אופן זעהען מיר, אַז טהעאַטער האָט זיך געוויזען צווישען אידען כמעט אין דער זעלביגער צייט וואָס ביי אלע אַנדערע פעלקער, אַ חוץ די גריכען. די טהעאַטערס זיינען געשטיצט און אויסגעהאַלטען געוואָרען פון דער מלוכה, ווי דער פאַל איז געווען ביי אַלע אַנדערע פעלקער, און דאָך איז טהעאַטער ביי די פאַרצייטיגע אידען אין ארץ ישראל געווען אַ פרעמדע אינסטיטוציאָן. אין דער גאַנצער אַלטער א י ד י ש ע ר ליטעראַטור איז ניטאָ קיין סימן פון קיין דראַמע.

אמת, געוויסע מאָדערנע אידישע געלעהרטע האָבען געפיהלט עפּעס אַ מין נאַציאָנאַלע בושה פאַר דעם עם הספר, פאַר וואָס ער האָט גאָר ניט בייגעטראַגען צום אוצר פון דער וועלט־דראַמע, און זיי האָבען זיך געקליגט צו דערוויזען, אַז אויך אויף דעם דאָזיגען פעלד האָבען זיך די פאַרצייטיגע אידען אויסגעצייכענט און האָבען דער וועלט געגעבען צוויי פון די גרעסטע וועלט־דראַמען: איוב און קהלת. עס איז אָבער שווער אויסצופּלפּול'ען, אַז די דאָזיגע צוויי גרויסע ווערק האָבען אַ שייכות מיט דראַמע.

די אידען האָבען געקוקט מיט שרעק און צאָרן אויף די טעמפּלען פון קונסט. אינטערעסאַנט איז, וואָס בעת עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פערשווערונג צו טויטען הורדוס'ען, איז דער טהעאַטער אויסגעקליעבען געוואָרען פאַר דעם פּלאַץ, וואו דער מאָרד האָט געזאָלט אויסגעפיהרט ווערען. דער קעניג איז אָבער ניט געקומען דעם טאָג צו דער פאָרשטעלונג און פון דער פערשווערונג איז גאָר ניט געוואָרען. אויף עפּעס אַן אופן איז דאָס פּובליקום אין טהעאַטער געוואָהר געוואָרען דערפון, און די באַנדעס פון הורדוסען האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען מיט אַ ווילדען כעס אויף די קאָנספּיראַטאָרס און האָבען איינעם פון זיי צוריסען אין שטיקער.

און עס דאַרף גאָר קיין חדוש ניט זיין, פאַר וואָס די אידען האָבען אַזוי ביטער געקעמפּפט קעגען טהעאַטער. אין גריכענלאַנד איז דאָס טהעאַטער געבאָרען געוואָרען פון דער עבודה לכבוד זייער גאָט דיאָניסאָס, דעם גאָט פון וויין. יעדע פאָרשטעלונג אין טהעאַטער איז געווען אַן עבודה זרה. אין טהעאַטער איז געשטאַנען אַ סטאַטוע פון דעם דאָזיגען גאָט, און לכבוד איהם האָט מען געשפּיעלט, פאַר איהם וויין געגאָסען און געמאַכט אַלערליי גע־

צענדיענערישע צערעמאָניעס. עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, ווי מען האָט זיך נוהג געווען אין די טהעאַטערס אין ירושלים, וואָס די אידישע מלכים האָבען אויסגעהאַלטען. עס ווערט ניט דערמאָנט צו דאָרטען זיינען די פּאַרשטעלונגען אויך געגעבען געוואָרען מיט די געצענדיענערישע צערעמאָניעס לכבוד דיאָניסאָס צו ניט. עס וואָלט גאָר קיין חדוש ניט געווען, ווען די אידישע העלעניסטען אין דער קורצער צייט, ווען זיי האָבען געהאַט די אויבערהאַנד, וואָלטען אויך להכעיס די פרומע אידען געלאָזט פּראַווען די עבודה אין די טהעאַטערס אין ירושלים ווי אין גריכענלאַנד. עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען, אז שמעון הצדיק׳ס אייניקעל האָט איינגעפיהרט אין ירושלים דעם געצענדיענערישען יום־טוב לכבוד דעם זעלביגען גאָט דיאָניסאָס אפילו אָהן א טהעאַטער. און די פרומע אידען האָבען אויפ׳ן טהעאַטער ניט געקאָנט קוקען אַנדערש ווי אויף א שקץ תשקצנו. נאָר ווען אפילו די עבודה זרה איז אויסגעלאָזט געוואָרען אין די טהעאַטערס אין ירושלים, האָבען די פרומע אידען ניט געקאָנט רוהיג צוזעהען, ווי פרעמדע געטער ווערען פאַרגעפיהרט אַלס העלדען אויף דער ביהנע.

די גריכישע דראַמע אַזוי ווי די רוימישע האָט געהאַט א סך צו טהאָן מיט געטער. קיין דראַמע קאָן ניט געמאָלט זיין אָהן א צוזאַמענשטויס, אָהן א קאָליזיאָן. אין דער אַלטער קלאַסישער דראַמע איז די קאָליזיאָן געווען מיט די געטער. דער מענש דוקא איז ארויסגעטראַטען פּאַר גערעכטיגקייט און די געטער און די געטינס זיינען געווען זינדיג, פאַלש און פערדאָרבען.

און דאריבער האָט ניט נאָר דער טהעאַטער, נאָר אויך די דראַמע אַלס א צווייג פון ליטעראַטור ניט געקאָנט זיך אָננעהמען צווישען אידען. אויב אפילו מאַנכע פון די אלטע אידישע ווערק זיינען געשאַפען געוואָרען אונטערן גריכישען איינפלוס, האָט אָבער די אלטע קלאַסישע דראַמע בשום אופן ניט געקאָנט אָנטהון קיין אידישען מאַנטעל און איז געבליבען פרעמד דעם אידישען גייסט. דער איד האָט לחלוטין ניט געקאָנט דערלאָזען דעם געדאַנק, אז גאָט קאָן האַנדלען אונגערעכט, אז א מענש זאָל קעמפּפען געגען גאָט. דער אידישער גאָט איז שטענדיג און אומעדום גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט.

ווען מען רעדט וועגען דער שנאה פון די פּאַרצייטיגע אידען צום טהעאַטער, דאַרף מען נאָך האָבען אין זינען, אז אין דער צייט ווען די גריכישע קולטור האָט זיך אריינגעריסען אין ארץ ישראל, איז שוין די גריכישע דראַמע ווייט, ווייט ניט געשטאַנען אויף יענער הויכקייט, אויף וועלכער עס האָבען איהר געשטעלט די גרעסטע גריכישע קלאַסישע דראַמאַטישע ריכטער: עסכילוס, סאָפאָקלעס און יוריפּידעס. באַלד נאָך דעם טוידט פון די דאָזיגע דריי גרויסע דיכטער האָט די דראַמע אָנגעהויבען שטאַרק צו זינקען, און ארום דער צייט וואָס טהעאַטערס האָבען געבליהט אין ארץ ישראל האָט שוין רוים געבראַכט די דראַמע צו אַזאַ מדרגה, אז די ביהנע האָט אָפט דערמאָנט א בית זונות. דער גאַנצער אידישער גייסט האָט רעוואָלטירט קעגען אַזאַ אונטערהאַלטונג, און איין תנא נאָך דעם צווייטען האָבען געווארענט דעם עולם פון אַזעלכע פערגעניגענס.

דער תלמוד און די מדרשים לאָזען ניט דורך קיין געלעגענהייט צו דערמאנען דעם אידען, אז ער זאָל וויינען פון טהעאַטער און צירק, א מאָל אין דער פאָרם פון אן ערקלערונג, א מאָל אין דער פאָרם פון א רוהיגער בעטראַכטונג און א מאָל אין דער פאָרם פון א בייזער קללה.

„פערפלוכט זאָלען זיין יענע, וואָס בעזוכען טהעאַטערע אָדער צירקען און פעראַכטען אונזערע געזעצען*)."

אין תלמוד ירושלמי ווערט דערצעהלט, אז רבי נחוניא בן הקנה, א תנא וואָס האָט געלעבט ארום דער צייט פון דעם חורבן בית שני, פלעגט ביים ארויסגעהן פון בית המדרש זאָגען די דאָזיגע קורצע תפלה:

„מודה אני לפניך, ד׳ אלהי ואלהי אבותי שנתת חלקי מיושבי בית המדרש ובתי כנסיות, ולא נתת חלקי בבתי תרטאות ובבתי קרקסאות; שאני עמל והן עמלים אני שוקד והן שוקדים — אני עמל לירש גן עדן והן עמלים לבאר שחת.**)

אין אידיש בעדייט די תפלה אזוי:

איך דאַנק דיר, גאָט מיין גאָט און גאָט פון מיינע עלטערן, פאַר וואָס דו האָסט מיין חלק געגעבען צווישען די וואָס זיצען אין בית המדרש און אין די שוהלען און דו האָסט ניט געגעבען מיין חלק צווישען די וואָס זיצען אין טהעאַטערס און צירקען. איך מיה זיך און זיי מיהען זיך, איך אייל זיך און זיי איילען זיך — איך מיה זיך צו ירש׳ענען גן עדן און זיי מיהען זיך צום גרוב פון פערדאַרבונג.

עס וועט אָבער ניט זיין ניט אין גאַנצען ריכטיג צו זאָגען, אז דער איינציגער טעם, פאַר וואָס טהעאַטער איז אזוי געווען פערהאַסט, איז געווען צוליעב עבודה זרה און אויסגעלאַסענהייט. עס איז אמת, אז געוויסע פּאַרשטעהער פון פאָלק פון דעם פרומען לאַגער האָבען נאָר געהאַט אויסצוזעצען קעגען טהעאַטער דערפאַר, וואָס ער איז געווען פערמישט מיט עבודה זרה, און ווען א טהעאַטער איז ריין דערפון האָבען זיי ניט געזעהן קיין אורזאַך,

*) עבודה זרה, י"ח, ב.

**) ברכות כ"ט, ב. (תלמוד ירושלמי).

פאַר וואָס א איד זאָל זיך ניט טאָרען ערלויבען אַזא פערגעניגען. אַזא למשל איז געווען איינער פון די גרעסטע תנאים, רבי מאיר. אָבער אַזעל־כע ווי ער זיינען געווען וועניג. די אַנדערע תנאים אָבער האָבען געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג. פאַר זיי איז קיין אונטערשייד גע־ווען, צו טהעאַטער איז פערבונדען מיט געצענ־דיענעריי צו ניט, און זיי האָבען שטרענג פערבאָטען טהעאַטער צווישען אידען. דאָס זעהען מיר פון א פלוגתא צווישען רבי מאיר און די חכמים:

תנו רבנן: אין הולכים לתרטאות ולקרקסאות מפני שמזבלין שם זיבול לעבודת כוכבים, דברי רבי מאיר; וחכמים אומרים: מקום שמזבלין אסור מפני חשד עבודת כוכבים, ומקום שאין מזבלין שם אסור מפני מושב לצים*).

דאָס הייסט, די רבנן האָבען געלערנט: מען דאַרף ניט געהן אין טהעאַטערס און ציר־קען, ווייל מען אָפּפערט דאָרטען צו די געצען, אַזוי זאָגט רבי מאיר. און די חכמים זאָגען, אַז דאָרטען וואו מען אָפּפערט, טאָר מען ניט צוליעב א חשד פון עבודה זרה און דאָרטען וואו מען אָפּפערט ניט, טאָר מען ניט צוליעב זיצען צווישען לצנים.

דאָס זיצען צווישען לצנים איז גענומען פון אַן אויסדרוק אין תהלים. דאָרטען הייסט עס „מושב לצים“. נאָר עס איז ניט דוקא דער מושב לצים, וואָס האָט די חכמים געמאַכט צו דענקען, אַז די אונטערהאַלטונג אין א טהעאַטער איז ניט פאַר אידען. און ווען א שטיי־גער אַזא פסוק זאָל אין תהלים ניט זיין, וואָל־טען די חכמים בשום אופן ניט געענדערט זייער מיינונג און זיי וואָלטען אַבגעזוכט עפּעס אַן אַנדער אויסדרוק אין די אַלטע שריפטען צו אסר'ען דאָס טהעאַטער. און טאַקע אין מדרש „איכה רבתי“ געפינען מיר:

רבי אבא בר כהנא פתח: „לא ישבתי בסוד משחקים ואלוז“, אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ברוך הוא: רבא העולמים, מימי לא נכנסתי בבתי טיאטראות ובתי קרקסאות של אומות העולם ושחקתי עמהם ואעלוז.

דאָס הייסט רבי אבא בר כהנא האָט גע־דרש'עט: דער נביא ירמיהו האָט געזאָגט: „איך בין ניט געזעסען אין דעם קרייז פון לוס־טיגע און געפרעהט זיך“, רופט זיך אָב די כנסת ישראל צו גאָט ברוך הוא: בעשעפער פון די וועלטען, איך בין קיין מאָל ניט געגאַנ־גען אין די טהעאַטערס און צירקען פון די אומות העולם און געפרעהט זיך מיט זיי.

און מען דאַרף כלל וכלל ניט האָבען קיין פּסוקים, וואָס זאָלען דערמאָנען עפּעס לצנות אָדער לוסטיגקייט, אַז מען זאָל דערפון קאָנען אויס'דרש'ענען, אַז מען טאָר ניט געהן אין טהעאַטער. אַט האָט זיך דאָך געקליגט יונתן בן עוזיאל צו פערטייטשען דעם פסוק ארור אתה בבואך אין זיין תרגום אַזוי: ליטין אתון במעלכון לבתי תיאטרונוכון וקורקסתכון למבטלא פתגמי אורייתא“. דאָס הייסט, פער־פלוכט זאָלט איהר ווערען, ווען איהר געהט אין אייערע טהעאַטערס און צירקען און זייט מבטל פון דער תורה.

נאָך אַזעלכע וואַרנונגען קעגען טהעאַטער זיינען צושפּרייט איבער די אַלטע אידישע שריפטען פון דער צייט פון תלמוד און מדרש, און ווי דער מנהג איז געווען ביי די חכמים, איז דאָס שטענדיג אויסגע'דרש'עט פון עפּעס א פסוק, נאָר די פּסוקים זיינען גאַנץ אונשול־דיג און האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט טהעאַ־טער. דאָס האָט דער שטרענגער אידישער גייסט ניט געקאָנט דולדען אַזעלכע פערגעניגענס ווי טהעאַטער, דער זעלביגער גייסט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דורך די ליפּען פון די אידישע חכמים, אַז די וועלט איז נאָר א פּאָרהויז, און די אמת'ע דירה, דער אמת'ער פּאַלאַץ איז גאָר אויף יענער וועלט, דער זעלביגער גייסט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווען איינער געהט אונטערוועגס און איז מפסיק פון דער תורה און זאָגט: „ווי שעהן איז דער בוים“, פערזינדיגט ער דערמיט זיין נשמה, הגם אין דער בעוואונדערונג פון דער שעהנקייט פון דעם בוים דריקט זיך אויס א שבח צו דעם בורא.

מען פערשפּאָרט דאריבער צו זוכען אי־דישע דראַמען אויפ'ן אידישען באָדען אין די אַלטע צייטען. דאָס טהעאַטער איז געווען און געבליעבען אין יענע צייטען א פרעמדע פּלאַנץ צווישען אידען און האָט זיך ביי זיי ניט אָנ־גענומען.

אָבער דערפון טאָר מען בשום אופן ניט דרינגען, אַז אידען האָבען זיך דעמאָלט לחלוטין אָבגעזאָגט פון דער דאָזיגער קונסט. די אידי־שע העלעניסטען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, זיינען געווען פערקאָכט אין טהעאַטער, און עס דאַרף קיין שום צווייפעל ניט זיין, אַז א סך, א סך אידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען גע־ווען דורכגעדרונגען מיט דער גריכישער אָדער רוימישער קולטור, האָבען זיך אָבגעגעבען צום טהעאַטער און צו דער דראַמע. אויפ'ן אידי־שען באָדען האָבען זיי עס ניט געקאָנט שאַפען, די אידישע אַטמאָספער האָט זיי געדריקט, האָ־בען זיי געאַרבייט אויף א פרעמדען באָדען. און דאָס איז ניט קיין פוסטע השערה, קיין בויך־סברה. מיר געפינען, אַז א יאָהר הונדערט און פופציג פאַר דער נייער צייטרעכענונג, דאָס הייסט איבער צוויי טויזענד יאָהר צוריק, האָט א אידישער העלעניסט, דער דיכטער עזעקיע־לאָס (יחזקאל) אָנגעשריעבען א דראַמע, וואָס האָט געהייסען „יציאת מצרים“ אין גריכיש נאָך דעם מוסטער פון יוריפּידעס. עס דאַרף קיין שום צווייפעל ניט זיין, אַז אויך אַנדערע אי־

*) עבודה זרה, י"ח ב.

דישע דיכטער האָבען אין יענע צייטען געשריעבען דראַמען אין גריכיש אָדער לאַטייניש, נאָר פון זיי איז גאָר ניט געבליעבען. אויך אַזעלכע דראַמען איז ניט געווען קיין אַפּוטראָפּוס, וואָס זאָל אויף זיי אַכטונג געבען דורך די לאַנגע, פינסטערע יאָהר־הונדערטע פון דעם שווערען גלות. דאָס אידישע פאָלק האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף ממזרים און האָט פון זיי ניט געוואָלט וויסען. דארום איז גאָר אַ גרויסער חדוש, ווי אַזוי צו אונז האָבען יאָ דערגרייכט עטליכע פראַגמענטען, פיצלאַך פון אַזעלכע ווערק. און יציאת מצרים איז כמעט די איינציגע אידישע דראַמע פון יענער צייט אין גריכיש, פון וועלכער עס זיינען געבליעבען עטליכע פראַגמענטען.

די פּערזאָנען פון יציאת מצרים זיינען: משה, צפורה, חום, ראַגועל, גאָט פון סנה, שליח אור קונדשאַפטער.

אין דעם ערשטען פראַגמענט דערצעהלט משה, ווי יעקב איז אַריין אין מצרים מיט זיבעציג נפשות.

דער דיכטער גיט ווייטער איבער די געשיכטע פון משה, ווי זי וועט דערצעהלט אין חומש.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו דענקען, אַז דער דיכטער האַלט זיך שקלאַפיש ביים חומש און ערלויבט זיך ניט קיינע פּאָעטישע פאַנטאַזיעס. והראיה, מיר בעגעגענען דאָ אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס מיר טרעפען אין חומש ניט. דאָס זיינען חום און ראַגועל. און טאַקע אין אַ צווייטען פראַגמענט לייענען מיר אַ חלום, וואָס משה האָט געזעהן און דערצעהלט ראַגועל׳ן.

ער זעהט זיך דערהויבען אויף אַ טראָהן, וואָס שטעהט אויף אַ שפּיץ באַרג, און די ערד מיט איהרע טהאָלען און דער הימעל מיט די שטערן שפּרייטען זיך איהם צו פוסענס.

דער דאָזיגער חלום איז אַ פּרוכט פון דעם דיכטערס רייכער פאַנטאַזיע. אין די אידישע שריפטען איז אַזאַ חלום ניטאָ.

עס זיינען אויך געבליבען נאָך אַ פּאָאַר קליינע פראַגמענטען פון אַנדערע ווערק, וואָס זיינען געשריבען געווען אין גריכיש אויף ביבלישע טהעמאַס, נור דאָס איז אַלץ, וואָס האָט צו אונז דערגרייכט פון יענע צייטען.

דאָס איז וועגען דראַמע. און וואָס איז שייך צו דער קונסט פון שפּיעלען איז אויך קיין ספק ניט, אַז אידען האָבען געטראַטען אויף די ברעטער פון דער פּאַרצייטיגער ביהנע. ווי שוין בעמערקט, איז געווען שווער פאַר אַ געשריעבענע זאַך איבערצוקומען אַלע שטרויכלונגען פון אַ לאַנגען צוויי־טויזענד יעהריגען וועג און אָנקומען צו אונז. און וואָס קאָן מען שוין זאָגען וועגען שפּיעלער, אַקטיאָרען, וועלכע קאָנען, אין בעסטען פאַל, מעהר ניט ווי לאָזען נאָך זיך אַ פוסטען קלאַנג, בלויז אַ נאָמען. אַזוי גיך ווי דער אַקטיאָר פערלאָזט די ביהנע, פערשווינדט אויך זיין קונסט. ער קאָן ניט איבערלאָזען קיין ממשות׳דיגעס, וואָס זאָל קאָנען איבערגעהן פון דור צו דור. נור פון דעסטוועגען האָט צו אונז דערגרייכט איין נאָמען פון אַ אידישען אַקטיאָר, וועלכער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט אַרום די צייט פון דעם צווייטען חורבן. ער האָט געהייסען אַליטיראָס און האָט געהאַט אַ גרויסען שם אין רוים, וואו ער האָט געשפּיעלט. ער איז געווען אַ ליעבלינג ביים קיסר נירון און אַ פּראַטעזשע פון דער געניגין פּאָפּעא.

עזעקיעלאָס מיט זיין דראַמע אין גריכיש און אַליטיראָס מיט זיין שפּיעלען אין לאַטייניש ווייזען דייטליך גענוג, אַז אידישע קרעפטען האָבען זיך אָבגעגעבען מיט טהעאַטער און דראַמע אין יענע אַלטע צייטען און האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דער דאָזיגער קונסט, נור אַזוי ווי אויפ׳ן אידישען באָדען האָבען זיי קיין פּלאַץ ניט געהאַט, האָבען זיי געמוזט זוכען פרעמדע פעלדער. און דערפון דאַרפען מיר אויך פערשטעהן, אַז די וואָרנונגען און אסורים און קללות פון די חכמים האָבען ניט געווירקט אויף אַלע אידען. אין טהעאַטער זיינען געגאַנגען און צירקען האָבען בעזוכט ניט נור די אידישע העלעניסטען, נור אויך אַזעלכע, וואָס האָבען פון דער גריכישער אָדער רוימישער קולטור גאָר ניט געוואוסט. איינער וואָס איז נאָכדעם געוואָרען אַ גרויסער תנא, איז אין די יונגע יאָהרען געווען אַן אַטלעט אין אַ צירק. ער האָט געהייסען ריש לקיש. און אויב וועניג אידען זיינען געגאַנגען אין די גריכישע אָדער רוימישע טהעאַטערס, האָט מען פאַר זיי געגעבען ספּעציעלע פאָרשטעלונגען אין זייער אייגענער שפּראַך. מאַמסען דערצעהלט, אַז לכבוד די גרויסע רוימישע ימים טובים פלעגט יוליוס צעזאַר לאָזען איבערזעצען לאַטיינישע און גריכישע דראַמען אין די שפּראַכען פון די פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטער איהם און עס איז אויך מעגליך, אַז מען האָט זיי אויך איבערזעצט אין העברעאיש און געשפּיעלט פאַר יענע אידען, וואָס האָבען ניט פערשטאַנען די שפּראַך פון זייערע אונטערדריקער.

דאָס אַלץ ווייזט, אַז די פאַרצייטיגע אידען האָבען אין ארץ ישראל געהאַט טהעאַטערס, סיי אייגענע און סיי פרעמדע, און אידען האָבען זיך אָבגעגעבען מיט דער קונסט פון דראַמע און שפּיעלען, נור בכלל וועט ניט זיין קיין זינד קענען דעם אמת צו זאָגען, אַז סיי אין דער צייט פון די נביאים, און סיי אין דער צייט פון די תנאים האָבען אידען קיין אידישע דראַמע ניט געהאַט.

אין דעם נעכסטען אַרטיקעל וועלען מיר ריידען וועגען דעם אָנהויב פון אַ א י ד י ש ע ר דראַמע.

ליליפוט

די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר

(צו איהר 33־טער קאָנווענשאָן)

די 33טע קאָנווענשאָן פון דער א. פ. אָוו ל., וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען פון 10טען ביז צום 24טען נאָוועמבער, 1913 אין סעאַטל, וואַשינגטאָן, האָט זיך מיט קיין זאַך, חוץ מיט א פּאָאר רעאַקציאָנערע בעשליסע, ניט אויסגעצייכענט. די 32סטע קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער איז אין פערגלייך מיט איהר געווען העכסט רעוואָלוציאָנער.

היי־יאָהר האָט דער גאָמפּערסיזם געזיעגט אויף דער גאַנצער ליניע. אַלץ, וואָס גאָמפּערס און זיינע אָנהענגער האָבען געוואָלט — איז דורכגעפיהרט. און די עטליכע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע שטימען, וואָס האָבען זיך אין סעאַטל פון צייט צו צייט געלאָזט הערען, זיינען פערלאָרען געגאַנגען, ווי די שטים, וואָס רופט אין א וויסטעניש.

פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר האָט די אונצופריעדענהייט מיט דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג געלאָזען טיעפע וואָרצלען אין די רייהען פון די ארבייטענדע מאַסען. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז געוואַקסען אין צאָהל און געשטויגען אין איינפלוס; אויף די פיהרערס פון דער קאָנווענשאָן האָט עס אָבער קיין ווירקונג ניט געהאַט. די קאָנווענשאָן האָט גאַנץ רוהיג צוגעלאָזען, דאָס א קאַטוילישער בישאָף זאָל זיין פערטראָטען אַלס „פראַטוירנאַל“ דעלעגאַט. דיעזער זאָנדערבאַרער ברודער־דעלעגאַט האָט נאַכהער אין א רעדע געסטראַשעט, אז די קאַטוילישע קירכע וועט נעהמען גרינדען אָפּאָזיציאָן־יוניאָנס, אויב דער ראַדיקאַלער גייסט, און הויפּטזעכליך דער סאָציאַליסטישער גייסט, וועט דורכדרינגען אין דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

אויסער דעם האָט די קאָנווענשאָן פון דער פעדערײשאָן אָנגענומען א רעזאָלוציע געגען פרייער איינוואַנדערונג פון אַזיאַטישע אימיגראַנטען און פון אַזעלכע אייראָפּעאישע אימיגראַנטען, וואָס קענען ניט לעזען און שרייבען. דאָס האָט געטהאָן די קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציאָן, וואָס האָט פאַר די לעצטע פּאָאר יאָהר אריינגענומען צעהנדליגע טויזענדער אַרבייטער־אימיגראַנטען, און איז א דאַנק דעם פערשטאַרקט געוואָרען. אַזאַ שריט וואָלט די פעדערײשאָן־קאָנווענשאָן ניט געוואַגט צו טהאָן אין ראָטשעסטער פאַר־א־יאָהרען. איצט האָט זי אָבער ליידער יאָ געוואַגט און דעם שריט געמאַכט.

די פ. אָוו ל. האָט זיך געגרינדעט אַלס אָפּאָזיציאָן צו די „נייטס אָוו לייבאָר“, און איז אין יענער צייט געווען דער ראַדיקאַלער אויסדרוק פון דער מאָדערנער אַרבייטער־בעוועגונג. אָבער צייטען בייטען זיך. פאַר דער לעצטער צייט ווערט די אַ. פ. אָוו ל. פערשריען און פערוויעגט אַלס די קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע פערטרעטערין פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער. דאָס איז, נאָך אונזער מיינונג ניט גאָר גערעכט. אמת, אַן דער שפּיטצע פון דער פעדעראַציאָן שטעהען נאָך אַלץ די אַלטע אַמאָליגע פיהרער, וועלכע זיינען אין זייער אנשויאונג קאָנסערוואַטיוו. די פיהרער זיינען אָבער ניט די פעדעראַציאָן און די ברייטע מאַסע מיטגליעדער פון דער פעדעראַציאָן האָבען שוין ביי פיעלע געלעגענהייטען בעוויעזען, אַז זיי זיינען ראַדיקאַל און ניט איינפערשטאַנען מיט די אַלטע פיהרער. און ניט נאָר די מאַסע, מאַנכע פון די פיהרער האָבען זיך אויף אַ שטאַרקען קעהר געטהאָן אויף לינקס, און ניט קוקענדיג אויף די רעאַקציאָנערע בעשליסע פון דער לעצטער קאָנווענשאָן בנוגע דער אימיגראַציאָנס־פראַגע און ז. וו. וואָלט דאָך געווען אונגערעכט צו דיעזער מיליאָנען־אָרגאַניזאַציאָן איהר אין גאַנצען צו בעשולדיגען אין קאָנסערוואַטיזמוס.

די מאָדערנע אידעע פון אינדאָסטריעלען יוניאָניזמוס האָט בעריהרט אויך די אַמעריקאַנער פעדעראַציאָן פון אַרבייט. דער אינדאָסטריאַליזמוס דרינגט אַלץ טיעפער און טיעפער אַריין אין די רייהען פון די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטע אַרבייטער און די אַלטע יוניאָנס געהען לאַנגזאַם אָבער זיכער איבער צו דער נייער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם.

אין די לעצטע יאָהרען האָבען זיך געגרינדעט טרייד־דעפּאַרטמענטס, וואָס נעהמען אַרום אַלע אַרבייטער פון א געוויסער אינדוסטריע. דער מיינינג דעפּאַרטמענט בעשטעהט פון דריי אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס מיט אַ מיטגליעדערשאַפט פון איבער אַ האַלבע מיליאָן. אין דיעזען דעפּאַרטמענט בעלאַנגען אָהן אונטערשייד אַלע אַרבייטער, וואָס האָבען צו טהאָן אין אָדער אַרום א מיין. דער בילדונג דעפּאַרטמענט בעשטעהט פון 19 אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס מיט אַ מיטגליעדערשאַפט פון 476 טויזענד. דער מעטאַל דעפּאַרטמענט פון עלף אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס מיט איבער 250 טויזענד מיטגליעדער און דער אייזענבאַהן־דעפּאַרטמענט בעשטעהט פון 9 אָרגאַניזאַציאָנען מיט איבער 300 טויזענד מיטגליעדער.

לויט אַ בעשלוס פון מעטאַל־דעפּאַרט־

מענט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען קורץ בעפאָר דער סעאטעלער א. פ. אָוו ל. קאָנווענשאָן, טאָר קיין יוניאָן אָדער קיין לאָקאַל ניט ארויסרופען א סטרייק אָהן דער צושטימונג פון די איבעריגע יוניאָנס וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער זעלבער אינדוסטריע אָדער אין אן אנדער טרייד. די אלטע קאָנסערוואטיווע פיהרערס האָבען אפילו געקעמפפט געגען דעם, אָבער די ראדיקאלע עלעמענטען האָבען אין דעם פּרט געזיעגט און דער איבעל, וואָס האָט יאָהרענלאנג אָנגעהאלטען, וואָס איין טהייל ארבייטער האָבען געסטרייקט און א צווייטער טהייל פון דער זעלבער אינדוסטריע האָבען געארבייט, איז ענדליך אָבגעשאפט געוואָרען.

די ברויערי ארבייטער יוניאָנס, די בעקער יוניאָנס און א גרויסע טהייל פון דער אינטערנײשיאָנעל לײדיעס גארמענט וואָירקערס יוניאָן זיינען געבויט אויף א פאָלשטענדיגען אינדאָסטריאליסטישען אופן. די קלאָוק מאַכער, ווי אויך די מענער שניידער, זיינען אָרגאניזירט אויף אַן אינדאָסטריאליסטישען אופן, און פאר דער לעצטער צייט רעדט מען זעהר שטאַרק וועגען גרינדען אַ נאָדעל דעפּארטמענט, צו וועלכען עס זאָלען בעלאנגען די מענער־שניידער, קלאָוק, וויסט און ווהייט גודס ארבייטער, פאָריערס, קעפּמייקערס, נעקוויער מאַכער און אלע אנדערע ארבייטער וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער נאָדעל־אינדוסטריע. דאָס אלעס בעווייזט, אַז דער נייער גייסט אויפ׳ן עקאָנאָמישען פעלד איז פאָלשטענדיג אַריינגעדרונגען אין די רייהען פון די אַמעריקאַנער ארבייטער און דער געשריי, אַז מען קען די איינגעפונדעוועטע א. פ. אָוו ל. יוניאָנס ניט אומענדערען, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס ניט ריכטיג.

די געגנער פון דער א. פ. יוניאָנס טענה׳ן, אַז די קאמפּפסמיטלען זייערע טויגען ניט, אַז זיי זיינען צו שוואַך, אַז דאָס לעבען פאָדערט יעצט ענערגישערע מיטלען, אַז די לאנגזאמע פאָרטשריטע ברײנגען ניט די געווינשטע רעזולטאטען און ז. וו. — האָט אונז אָבער דאָס לעבען פאר די לעצטע פאָאָר יאָהר אויך אין דעם געגעבען א לעקציאָן. די שטירמישע קאמפּפסמיטלען אין לאָרענס, פּעטערסאָן אייקראָן א. ז. וו. האָבען אָבער געבראכט נאָך ערגערע רעזולטאטען. נאָך די אלע בלוט־פערגיסונגען און ריעזיגע קעמפּפע זיינען אין יענע שטעדט קיין אָרגאניזאציאָנען ניט פערבליעבען; ווערענד די שניידער, קלאָוק מאַכער, וויסט מייקער, פאָריערס, אייזענבאהן־ארבייטער און ז. וו. האָבען נאָך די אלע קעמפּפע פערפעסטיגט זייערע אָרגאניזאציאָנען, זיי עקזיסטירען און וועלען עקזיסטירען.

אלזאָ, פון עקאָנאָמישען שטאנדפונקט האָבען מיר אין די לעצטע יאָהרען גאָר ניט פיעל וואָס אויסצוזעצען געגען די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס. זיי טהוען זיך זייער ארבייט א מאָל בעסער, א מאָל ערגער, אָבער דאָך ניט אַזוי שלעכט, אַז מען זאָל זיי דארפען צוברעכען און בויען נייע. ווען מיר בעטראַכטען אָבער די א. פ. אָוו ל. פון פּאָליטישען שטאנדפונקט, דאַן איז שוין יאָ דאָ א סך וואָס אויסצוזעצען. דער סאָציאליזמוס און דער סאָציאליסטישער גייסט זיינען נאָך ווייט ניט אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון די יוניאָן־לייט, און אָבוואָהל איינע אָדער אַ צווייטע יוניאָן האָט זיך ערקלעהרט אלס סאָציאליסטיש, איינער אָדער אַ צווייטער פיהרער בעלאנגט צו דער סאָציאליסטישער פּארטיי, און אָבוואָהל אייניגע פּראָמינענטע קאָנסערוואטיווע פיהרער, ווי צ. ב. ש. ווילסאָן, אָ׳קאנעל, לענאָן זיינען נידערגעשטימט געוואָרען און דזשאהן מיטשעל האָט געמוזט רעזיגנירען אַלס פערטרעטער פון די מיינערס, זיינען אָבער די ברייטע מאַסע און די גרעסטע צאהל פיהרערס נאָך אַלץ ווייט פון סאָציאליזמוס און זאָגאר געגען סאָציאליזמוס.

אַם בעסטען האָט זיך דאָס אַרויסגעוויעזען ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן, וואו די רעדע פון קאטאָלישען בישאָף איז אויפגענומען געוואָרען כמעט אָהן פּראָטעסטען, און ווען עס איז אויפגעקומען א פראגע וועגען גרינדען אַ נייע פּאָליטישע אַרבייטער פּאַרטיי פון די טרייד־יוניאָניסטען, סאָציאליסטען, פּארמערס און סאפּראדזשעטס האָבען פיעלע פון די פּראָמינענטע ליעדערס ערקלעהרט, אַז וועגען דעם איז נאָך דערווייל צו פריה צו קלעהרען. אמת, אייניגע סאָציאליסטען האָבען ערקלעהרט, אַז עס איז ניט צו פריה זאָנדערען עס איז שוין צו שפּעט צו גרינדען אַזאַ פּארטיי, ווייל אן ארבייטער פּארטיי עקזיסטירט שוין און דאָס איז די סאָציאליסטישע פּאַרטיי, אין וועלכער זיי האָבען גערופען די טרייע יוניאָניסטין, אָבער דיעזע ווערטער האָבען קיין איינדרוק ניט געמאַכט.

אלזאָ אין פּאָליטישען זין זיינען די אמעריקאנער ארבייטער נאָך ווייט ניט דערוואקסען. די פעדערײשאָן קאָנווענשאָן האָט זאָגאר בעשלאָסען צו אינדאָרסירען די פּאָליסי פון ווילסאָנ׳ען אין אלע פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען, און אין דער אימיגראציאָנס־פראגע האָט זי נאָך אַליין בעשלאָסען צו געבען דעם רעאקציאָנערען טאָן.

אָבער אפילו אין דעם איז נאָך אונזער מיינונג וועניגער די שולד פון דער א. פ. אָוו ל. ווי פון דער סאָציאליסטישער בעוועגונג. די יוניאָנס זיינען דעמאָקראטישע אינסטיטוציאָנען. די בעאמטע און פיהרער ווערען ערוועהלט פון די מאַסען, און עס איז די פפליכט און שולדיגקייט פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי צו אַגיטירען צווישען די מאַסען יוניאָן־

מיטגליעדער און צו פראפאגאנדירען דעם סאציאליזמוס אויף א פריעדליכען אופן.

עס איז אינטערעסאנט זיך אבצושטעלען אויף נאך א וויכטיגער ערשיינונג אין דער אמעריקאנער ארבייטער־בעוועגונג, און דאס איז די שטעלונג צו די ארבייטער־אימיגראנטען. א גוואלדיגע איבערקעהרעניש איז אין די לעצטע פאאר יאהר פארגעקומען. אין דער צייט ווען די קאנסערוואטיווע פיהרער האמערען און אגיטירען געגען אימיגראציאן און זוכען אויפצווייזען, אז די אימיגראנטען דריקען ארונטער די פרייזען פון ארבייט, — אין דער צייט ווען די לעצטע קאנווענשאן האט געפאסט אזא אבשייליכע, מענשענפיינדליכע אנטי אימיגראציאנס־רעזאלוציאן, — אין דערזעלבער צייט זיינען צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער אימיגראנטען אריינגעטרעטען אין די רייהען פון דער א. פ. או ל. און צוזאמען מיט די פריהערדיגע אימיגראנטען שטעלען זיי צוזאמען א גרויסע מינאריטעט און פיעלייכט זאגאר א מאיאריטעט פון דער א. פ. או ל. די צרה איז נאר, וואס זיי זיינען ניט פעראייניגט צווישען זיך און ניט אויפגעקלעהרט גענוג אום צו בעגרייפען וואס פאר א מאראלישען פאטש זייערע ליעדערס האבען זיי געגעבען.

א גוואלדיגע אגיטאציאן דארף ווערען דעם אויפגעהויבען ווערען אין די יוניאנס און מיט פעראכטונג און צארן דארפען די יוניאן־לייט אימיגראנטען צוריקווייזען די אנגענומענע רעזאלוציאן און פערדאמען די אנטי־אימיגריישיאניסטישע ליעדער זייערע.

די אלע ניי אריינגעטרעטענע מיטגליעדער אימיגראנטען פון דער לעצטער צייט זיינען גוטע יוניאן־לייט און טרייע קעמפפער, זיי האבען בעוויעזען, אז זיי קענען פונקט אזוי טריי און איבערגעבען שטעהן אויף'ן קאמפפס־פלאץ, ווי די אמעריקאנער און איירישע ארבייטער. עס פאדערן זיך נור מענשען, וואס זאלען דיעזען קאמפף אנפיהרען. און נאך אונזער מיינונג קען עס קיין אנדערע, ווי די סאציאליסטישע פארטיי ניט זיין.

פון די ניי־צוגעקומענע מיטגליעדער פערנעהמען א גרויסען און בכבוד'יגען פלאץ די אידישע ארבייטער. ביז מיט איניגע יאהר צוריק האבען די אידישע ארבייטער געשפיעלט זעהר א קליינע ראלע אין דער אמעריקאנער ארבייטער־בעוועגונג. אידישע ארבייטער האבען צו אמעריקאנער יוניאנס בעלאנגט אין זעהר א קליינער צאהל און האבען זיך פערלארען אין דער גרויסער ארבייטער מאסע. נאך די פיעלע ערפאלגרייכע סטרייקס האט זיך די לאגע אין גאנצען געענדערט. איינע פון די דריי גרעסטע אינטערנעשיאנעל יוניאנס איז א כמעט אין גאנצען א אידישע, דאס איז די אינטערנעשיאנעל ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן. צעהנדליגע טויזענדער אידישע ארבייטער זיינען אריין אין די יונייטעד גארמענט וואירקערס, פאריערס און ז. וו.

פון זייטיגע „קיקערס“ און קריטיקער האבען זיך די אידישע ארבייטער פערוואנדעלט אין מיטגליעדער וואס טהוען זייער פפליכט און ארבייטען פאר'ן וואהל אם בעסטען פון דער ארגאניזאציאן. און צוזאמען מיט די אידישע ארבייטער האבען זיך אויף אנגעשלאסען אין דער א. פ. או ל. טויזענדער איטאליענער, פאליאקען, רוסען, ליטווינער און ז. וו. און ווי שוין געזאגט, בילדען זיי א גרויסע מינאריטעט און פיעללייכט זאגאר א מאיאריטעט פון דער גאנצער ארגאניזאציאן.

פריהער אדער שפעטער וועלען דיעזע מיטגליעדער מוזען קריעגען אן איינפלוס אויף'ן לעבען אוןווירקען פון דער פעדעראציאן. זיי האבען שוין אויסגעפיהרט אויף אזוי פיעל, דאס פיעלע פון די ארבייטער־אריסטאקראטען פון דער פעדעריישאן האבען געמוזט פארבויגען זייער כבוד, און שטימען ביי דער ראטשעסטער קאנווענשאן, פאר יאהרען, צו ארגאניזירען די ניט געלערנטע ארבייטער (ד. ה. אונסקילד לייבארערס), וועלכע זיינען צום גרעסטען טהייל אימיגראנטען. אמת, ביי דער לעצטער סעאטעלער קאנווענשאן, איז א דאנק דער רעאקציאנערער שטימונג, דיעזער בעשלוס, ביז צו א געוויסען גראד, אבגעשוואכט, אבער מיר זיינען זיכער, אז די פעדעריישאן וועט מוזען דיעזען בעשלוס דורכפיהרען ניט ווילענדיגערהייט. מיר זיינען אויך זיכער, אז די ארבייטער־אימיגראנטען וועלען אין גיכען לאזען הערען זייער שטימע וועגען דער אנטי־אימיגריישאן אגיטאציאן פון די ליעדערס און דער גאנצער כאראקטער און די פרינציפיעלע פיהרערשאפט פון דער פעדעריישאן וועט זיך ענדערן צו גונסטען פון דעם ראדיקאלען און סאציאליסטישען געדאנק.

פּראָפעסאָר באָרים שאַץ

אידישע קונסט

פאַר וואָס האָבען מיר, אידען, ניט בעשאַפען אונזער אייגענע קונסט, אונזער אייגענעם אידישען סטיל אין אַרכיטעקטור, סקולפּטור און מאַהלעריי?

יעדער פון אונז פערשטעהט גאַנץ גוט, אז א קדושה קען מען ניט זינגען מיט'ן נגון פון „קאַמאַרינסקאַיאַ“, און דאָך געפינען מיר פאַר א געוואוינליכע זאַך צו בויען א שול אָדער מאַכען אַן ארון קודש אין אַלע פרעמדע סטילען פון דער וועלט. ווי קומט עס צו אונז אַזאַ משונה'דיגער קוריאָז? וואָרום פיהלען מיר ניט, אַז דאָס איז אוננאַטירליך, אומגעלומפּערט, קאָמיש?

מיר זעהן דאָסזעלבע ניט נור אין גרויסע געביידען, וועלכע פאָדערען פיעל פּראַקטיקע און קענטנישע, נור אויך אין קליינע, איינפאַכע עכט־אידישע זאַכען, ווי די מנורה, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעקומען די חנוכה־לאָמפּ.

אונזער אַלטע לעגענדע דערצעהלט, אַז די ערשטע מנורה אין משכן איז ארויסגעקומען א פאַרטיגע, דירעקט פון פייער, ווייל משה רבנו האָט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן ווי די מנורה צו מאַכען. אייגענטליך, זיינען די כרובים געוועזען פיעל שווערער אויסצואַרבייטען, דאָך האָט מיט די כרובים אַזאַ נס ניט פּאַסירט. דעם זין פון דער לעגענדע קאָן מען ערקלערען אזוי: די כרובים זיינען ניט אָריגינעל אונזערע, עהנליכעס האָבען געהאַט אויך אַנדערע פעלקער. די מנורה אָבער איז דורכאויס אידיש־אָריגינעל, אין דער געשיכטע פון קונסט געפינען מיר ניט ביי קיין אַנדער פאָלק עטוואָס עהנליכעס צו דער מנורה. אלזאָ, די מנורה איז דורכאויס עכט־אידיש, אָריגינעל אידיש, און דאָך, האָט מען אפילו אין דער מנורה איינגעפלאָכטען מיט געוואַלד, אהן נוצען און געשמאַק, אַלערליי סטילען פון אַלערליי פעלקער אין עפּאָכען!

אין בצלאל־מוזעאום האָבען מיר א קאָלעקציע פון פערשיידענע מנורה'ס און חנוכה־לאָמפּען; קוקען מיר אויף זיי זעהן מיר די גאַנצע אידישע גלות־געשיכטע. יעדער לאָמפּ טראָגט דעם כאַראַקטער פון יענער עפּאָכע, — פון יענעם פרעמדען לאַנד, וואו דער אידישער מייסטער פון דעם חנוכה־לאָמפּ האָט געוואָהנט — פון יענעם פרעמדען לאַנד, וואָס האָט דעם אידען געפּייניגט. אומזיסט אָבער וועט איהר דאָרט זוכען עטוואָס עכט־אידישעס, אָריגינעל־אידישעס — דעם זין און נשמה פון „הנרות הללו“. אויף די לאָמפּען פון איטאַליענישען רענעסאַנס זעהט מען די אַלע כאַראַקטעריסטיש־איטאַליענישע פרויען־פיגורען; מיר זעהן דאָרטען אפילו די עכט־קריסטליכע מלאכימ'לעך, אזוי ווי זיי וואָלטען אקאָרשט ארונטערגעטאַנצט פון ראַפאַעלס א בילד אָדער דירעקט פון א קאַטוילישען קאַטעדראַל; אויף די לאָמפּען פון דייטשלאַנד זעהט מען די כאַראַקטעריסטיש־גאָטישע קירכען־פאַסאַדען מיט די רויזען־פענסטער אין מיטען. עס פיהלט זיך, אַז ענדיגען האָט זיך עס געדאַרפט מיט'ן צלם; מען האָט אָבער דעם צלם אזוי ווי ארונטערגעהאַקט און ארויפגעשטעלט אנשטאַט דעם א מגן דוד. דאָס זעלבע איז אויך מיט די חנוכה־לאָמפּען פון איספּאַניען, פון אריענט, און אַלע אַנדערע לענדער, וואו נור מיר זיינען נע ונד געוועזן. אָט די רוסישע חנוכה־לאָמפּען טראָגען אויף זיך דעם צוויי־קעפּיגען אָדלער, פון בלוטדורשטיגען רויב־פויגעל, וואָס עראינערט אונז דעם קאָזאַק מיט'ן קנוט, אָבער בשום אופן ניט אָן די מאַקאַבעער.

זאָל עס זיין דערפאַר, ווי אונזערע שונאים זאָגען, דאָס מיר אידען האָבען אין אלגעמיין ניט קיין ספּעציעלע פעהיגקייטען צו פּלאַסטישער קונסט? דאָס איז אָבער ניט וואַהר. מיר אַלע ווייסען, וויפיעל די אידען האָבען אויפגעטהאָן אין קונסט פון וואָרט און קלאַנג. און פאַר'ן לעצטען יאָהרהונדערט, זייט די גהעטאָ

די נויטיגע אילוסטראַציעס וועלען מיר געבען צום 2טען אַרטיקעל פון פּראָפעסאָר שאַץ, וואָס וועט ערשיינען אין פעברואַר נומער „צוקונפט“. צוליעב טעכנישע אורזאַכען האָבען זיי אין דיעזען נומער ניט געקענט אַריין. די פּראַכט־בילדער — פאָטאָגראַפיעס פון פּראָפעסאָר שאַץ'ס סקולפּטור ווערק.

די רעדאַקציאָן.

האָט זיך געעפענט פאַר דער אייראָפּעאישער קולטור, האָבען מיר אויפגעטהאָן זעהר פיעל, פּראָפעסיאָנעל נאָך אונזער צאָהל, אויך אין פּלאַסטישער קונסט. וואָס פאַר א גלענצענדע רייהע מיט קינסטלער־ווירטואָזען האָבען מיר פאַר דער קורצער צייט ארויסגעשטעלט!

דער לא תעשה פסל, דער געבאָט פון חומש, אז מען טאָר ניט מאַכען קיין בילדער, האָט ווייניג געשטערט אַפילו די פאַרציטיגע אידען. אויסער די אויבענדערמאָנטע חנוכה־לאָמפּען מיט פיגורען, האָבען מיר געשאַפען אויך אַנדערע עהנליכע זאַכען פערציערט מיט פיגורען. ווער האָט ניט געזעהן די אַלטע מגילות און הגדות מיט די מיניאַטורען־בילדער! אין מוזעאום קליני, אין פּאַריז, געפינט זיך אן ארון קודש, אויף וועלכען עס זיינען אויסגעשניצט באַרעליעפען, וואָס שטעלען פאָר ביבלישע סצענען. אפילו די פּרוכת'ן, וואָס פערדעקען די תורה, וואו עס שטעהט געשריעבען דער געבאָט פון לא תעשה פסל — אפילו אָט די הייליגע פּרוכת'ן זיינען אויך פול מיט אויסגענייטע בילדער, משה ואהרן און דאָס גלייכען. איינער פון זיי געפינט זיך אין בצלאל־מוזעאום.

טאָ פאַר וואָס האָבען מיר פּאָרט ניט געשאַפען ביז איצט אן אייגענע, אָריגינעלע אידישע קונסט? אום דאָס צו ערקלערען מוזען מיר זאָגען כאָטש עטליכע ווערטער, ווי יעדעס פאָלק האָט זיין קונסט און זיין סטיל געשאַפען.

די קונסט אין אַלגעמיין איז די שעפּפונג ניט פון דעם איינצעלנעם מענשען, נור פון גאַנצען פאָלק, כאָטש מיר זיינען געוואָהנט גראַדע דעם איינצעלנעם מענשען דעם גאַנצען קרעדיט צו געבען. די פרוי, וואָס האָט מיט איהרע אייגענע הענד געפלאַנצט די בלומען, האָט נאַכהער, אין איהר נאַיווער פאָרם, די בלומען אויסגענייט און אויסגעמאָהלט, צו פערשעהנערען איהר

די בצלאל־שולע

הויז, איהרע קליידער, איהרע כלי בית. אזוי אויך דער מאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין העלדענטהום אין מלחמה און אויפ'ן יאגד, האָט עס נאָכהער געזוכט אויסצודריקען, באַטש אויף זיין אייגענאַרטיגען אומגעלומפּערטען אופן, אין זיין קונסט — אין זיינע טעמפּלען און פאָלקס־געביידען. נאָכהער ווען עס איז געבאָרען ביי זיי דער זשעניע, וואָס איז אויך געווען דאָס קינד פון זיין פאָלק און לאַנד, האָט ער דאָס אַלעס צוזאַמענגענומען, קאָנצענטרירט, פעראייניגט אין זיינע שעפּפונגען. דער זשעניע האָט געלעבט אין זיין לאַנד מיט'ן לעבען פון זיין פאָלק, מיט די ליידען און פריידען פון פאָלק. זיינע שעפּפונגען — דאָס איז די גייסטיגע יניקה פון זיין פאָלק. און ווען איהם איז געלונגען צו שאַפען עטוואָס גאַנצעס, גרויסעס, איז עס געווען דער כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון פאָלק. דאָס פאַנגט מען שוין אָן צו בעצייכענען אלס דעם סטיל פון פאָלק.

מיר, אידען, לעבען שוין איבער 18 הונדערט יאָהר אָבגעריסען פון לאַנד און ווייט פון נאַטור; אונטער פרעמדע הימלען, אויף א פרעמדער ערד לעבען מיר. אין די פערשטעטיקטע געטאָס האָבען מיר ניט געקענט זיין נאָהענט צו דער נאַטור, איהר ליעבען, און זי האָט דארום ניט ארויסגערופען אין אונז די נויטיגע קינסטלערישע התפעלות. וואָס איז פאַר אונז געווען די געבענשטע ערד? וואָס זיינען פאַר אונז געווען איהרע פרעכטיגע פלאַנצונגען? נור א פלאַץ וואו אומצוטרייבען זיך מיט'ן וואַנדערשטאָק אין האַנד, פערפאָלגט און פעראומערט. וואָס איז פאַר אונז געווען דער שעהנער וואַלד? — נור אַן אָרט וואו צו בעהאַלטען זיך פון דעם צאָרן פון דעם גרויזאַמען שונא.

א וואַנדער־פאָלק זוכט ניט זיין צייטווייליגע וואָהנונג שעהן צו בויען און בעפּוצען. און ווען מיר האָבען שוין יאָ עפּעס געוואָלט,

באַטש א שול אויפבויען, באַטש אַן ארון קודש אויסשניצען, האָט אונזער געבאָרענער זשעניע, אונזער פאָלקס־קינד, ביי זיין פאָלק גאָרנישט געפונען; ער האָט קיין אַנגעקליבענע קינסטלערישע ירושה פון די פריהעריגע דורות ניט געפונען. ער האָט עס געמוזט באָרגען ביי די ארומיגע, ביי די פרעמדע, ביי די שכנים, זאָגאר ביי די שונאים. ער האָט געמוזט נאָכמאַכען, עטוואָס פעראידישען, פערשטעהט זיך, אָבער נאָכמאַכען מעכאַניש, אָהן א זין נאָכמאַכען.

אָט דערפאַר זיינען עס אונזערע אידישע קונסט־זאַכען פול מיט אַזעלכע קאָמישע קוריאָזיטעטען, וואָס גרילצען פאַר'ן קענער ווי א

מתתיהו חשמנאי, דער פאטער פון די מאַקאַבעער.

קדושה אויף דעם ניגון פון א „קאמארינס־קאיא“.

מיר האָבען אפילו ניט געקענט זיין קיין געלונגענע נאָכמאַכער פון דער קונסט פון אונזערע שכנים, ווייל זייער קונסט האָט הויפּטזעכליך צוויי אידעאַלען געהאַט: ווענוס און קריסטוס, ד. ה., דאָס ווייבליכע אין דער פרוי און די געטליכע ליעבע. די שעהנהייט פון דער פרוי, וואָס האָט פערנומען אזא גרויסען פּלאַץ אין דער קונסט, האָט צו אונזערע הערצער ניט גערעדט. די פּראַכט פאָרמען פון ווענוס זיינען פאַר אונז טמא געווען. א שעהנערען אידעאַל פון א פרוי האָבען מיר געהאַט, יעדער איד האָט

דאָס יעדען שבת אין זיין ליעד „אשת חיל מי ימצא“ בעזונגען. און די ליעבע פון קריסטליכען גאָט, וואָס האָט ענטציקט דעם קריסטליכען קינסטלער, האָט געקענט פאַר אונז האָבען נור א פּנים פון חוזק; מיט דעם רויף פון די אויטאָ־דע־פע׳ען האָט זי אונז געשמעקט; מיט דעם טשאַד פון דעם מענשען־בראטען פון אונזערע מאַרטירער איז די קריסטליכע ליעבע אָנגעזאַפּט געווען.

אין דער נייער צייט, ווען די קונסט איז בירגערליך געוואָרען, און די שטראַהלען פון דער אויסערליכער וועלט האָבען דורכגעדרונגען און בעלויכטען אונזערע פינסטערע גהעטאָס, האָבען זיך בעוויזען צווישען אונז גרויסע קינסט־

לער, אָבער אָריגינעלע שעפּפער האָבען זיי ניט געקענט זיין, ווייל זייער קונסט האָט ניט געהאַט קיין וואָרצעל און יניקה פון זייער פאָלק; זיי האָבען זיך אויך געלערנט ביי פרעמדע, געמוזט לעבען אין א פרעמדער סביבה. דארום האָבען זיי זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט אין טעכניק, אין ווירטואָזיטעט; זייער שאַפען איז אָבער ניט געווען טיפּיש, — זיי האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט אין טיעפקייט, גאַנצקייט, אָריגינאַליטעט. דער איינציגער נשמה־צושטאַנד וואו זיי האָבען זיך אם פולסטען און אם שעהנסטען געקענט אויסדריקען, איז געווען נור בענקשאַפט, עראינערונגען אָן די קינדער־יאָהרען, וואָס כמעט יעדער אידישער קינסטלער האָט אויף דיעזע טעמא עטוואָס געשאַפען. נור דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי א זיפץ נאָך דער בלאַסער פערגאַנגענהייט, אָבער ניט דער געזונדער, לעבעדיגער קול פון ארומיגען לעבען, און ניט דאָס שעהנע ליעד פון דער ליכטיגער צוקונפט.

צי האָבען מיר אן אייגענע קונסט געהאַט ווען מיר האָבען אין אונזער אייגען לאַנד געלעבט? צי וועלען מיר נאָך אמאָל שאַפען אן אייגענעם אידישען סטיל אין קונסט? — וועגען דעם וועל איך ריידען אין צווייטען ארטיקעל.

דער שדכן

ב. טהאָמאַשעווסקי און סילי אדלער אין פּראָלאָג פון „עוויגען וואַנדערער“.

הלל ראַגאָזו

„דער עוויגער וואנדערער"

דער „עוויגער וואנדערער" איז אַ צייט פּיעסע. זי שטעלט פאָר די ליידען און די צרות פון די אידען איצטער אין רוסלאנד. דאָס איז אַ טרייע לעבענס־בילד, וואו די כאַראקטערע, די סיטואַציאָנען און די פּאסירונגען שפּיעגלען ריכטיג אָב די טרויעריגע אידישע ווירקליכקייט.

איהר זעהט דאָרטען די געוועהנליכע טיפּען פון דעם אידישען פאָטער, פון דער אידישער מוטער און פון אידישע קינדער. דער פאָטער איז אַ גוטער מענש, עטוואָס שטרענג, העכסט עהרליך אין וועלט־זאַכען און העכסט איבערגעגעבען צו זיין פּאַמיליע. די מוטער איז לויטער הארץ און ליעבע, לויטער נשמה און זאָרג פאר איהר מאַן און קינדער.

און די סיטואַציאָנען און פּאסירונגען זיינען אויך גאַנץ געוועהנליכע: די פּאמיליע קריעגט פּלוצלונג אַ בעפעהל צו פערלאָזען די שטאָדט. דער זוהן, דער סטודענט בעקומט אַן ענטפער פון אוניווערזיטעט, דאָס זיינע פּאַפּירען זיינען צוריקגעוויזען. ס'הערשט אַ שרעקליכע פערצווייפלונג. צוזאַמען מיט דיזער פּאַמיליע מוז די גאַנצע קהלה נעהמען דעם „וואַנדער־שטאָק" און געהן. אַלע זיינען מקבל די צרה ווי אַ גזרה פון הימעל. „אויף דעם זיינען מיר דאָך אַלע אידען".

וויבאלד דער פּערפאסער האָט זיך מיט דער דראמע געשטעלט אַלס אויפגאבע צו פּערצייכענען אַ קאַפּיטעל אידישע היסטאָריע, האָט ער מעגליך גאַנץ גוט געטהאָן, וואָס ער האָט אזוי זיינע כאַראַקטערע און סיטואַציאָנען אויפּגעפּאַסט. ער האָט געזוכט אין אלעם די אַלגעמיינע שטריכען, די אַלגעמיינע אייגענשאַפטען, די „כאַראַקטערעזירענדע", וואָס מען רופט. ער האָט פון דער דראמא געוואָלט מאַכען אַ שפּיעגעל, אין וועלכען מען זאָל זעהן ניט איין פאמיליע, ניט איין געוויסע אידישע היים, ניט איין ספּעציעלען גזר דין, אויף א געוויסע אידישע משפּחה. ער האָט עס געוואָלט ארויסשטעלען אַלס אַ שפּיעגעל פון גאַנצען אידישען כלל אין רוסלאנד.

נון, אויב אַזוי, איז די פּיעסע טאַקע גוט נאָר אַלס אַ שטיקעל היסטאָריע, אָדער אין בעסטען פּאַל אַלס היסטאָרישע ערצעהלונג. אַלס אַ דראמא אָבער, אַלס אַ פּאָרשטעלונג פון ליידענשאַפטען אָדער אינטערעסען, וואָס קומען אין צוזאמענשטויס און קעמפּפען, אַלס אַ שילדערונג ניט פון פּאסירונגען נאָר פון האַנדלונגען, גרייכט די פּיעסע ניט די מדרגה פון אַן אמת'ן קונסטווערק.

צעהן האנדלענדע פּערזאָנען זיינען אין דער פּיעסע פּאראַן, און פון זיי זיינען בלויז פּאראַן צוויי, וועלכע „טהוען עפּעס", וועלכע ציינגען ארויס קאמפּף, וועלכע מאַכען א פּערזוך זיך צו שטעלען געגען דער גרויזאמער האַנד פון שיקזאַל. ווען דיעזע צוויי וואָלטען כאָטש געווען צענטראלע פיגורען אין דער דראמא, ווען ארום זיי וואָלט זיך אַ היבשע טייל פון די האַנדלונג קאָנצענטרירט, ווען זיי וואָלטען כאָטש טיעף אָנגעריהרט די הערצער פון די אַנדערע פּערזאָנען, וואָלטען מיר מיט זייער דראמאטישען קאַמפּף אויף וויפיעל עס איז געקענט בענוגענען זיך. אָבער ליידער איז דאָס ניט דער פּאַל.

פון די צוויי איז איינער חיים סמורלא, דער פּערטרעטהער, וועלכער שמד'ט זיך און העלפט פּעראומגליקען זיינע ברידער. ער איז דאָך אָבער ניט איינער פון די „עוויגע וואנדערער". אַן און פאר זיך קען ער זיך זיין העכסט דראַמאטיש. אין דער פּיעסע זעהט מען, ווי ער מאַכט דורך א פירכטערליכען אינערליכען קאַמפּף; ווי ער ליידעט שרעקליך, און מען הערט איהם דעבאטירענדיג מיט זיין געוויסען. ער איז אַ דראמאטישע פּערזאָן, און עס איז גאַנץ מעגליך ארום איהם אַליין אויפצובויען אַן אינטערעסאנטע דראַמא. אָבער אין דעם „עוויגען וואַנדערער" איז ער דאָך א „זייטיגער מענש". ער רעפּרעזענטירט מיט זיך בלויז דעם שטן פון דער דראַמא, די לינקע, דונקעלע זייט פון גאַנצען בילד.

די צווייטע דראַמאַטישע פּערזאָן איז דער יונגער סטודענט, משה. ער איז מיט דער דראמא יע ענג פערבונדען. זיין שיקזאל איז א וויכטיגער טייל פון דער גאַנצער טראַגעדיע. אָבער אין זיין קאַמפּף און זאָגאר אין זיינע ליידען, דאָס הייסט, אין דעם דראמאטישען טייל פון זיין „איך", איז קיינער אויסער איהם

אליין ניט זעהר שטארק פעראינטערעסירט. זיין פאטער און זיין מוטער רעדען כמעט קיין מאל ניט וועגען זיין שטודיום. פון זיינע ברידער און שוועסטער שענקט איהם בלויז די קליינע נארישע סאניטשקע א ביסעל אויפמערקזאמקייט. זי העלפט איהם עטוואס חלום׳ען וועגען זיינע זיסע האפענונגען, און דאס אויך אין דעם ערשטען אקט איידער דער קאמפף פון זיין נשמה הויבט זיך אן.

דער ערשטער אקט האט געקענט געמאכט ווערען דראמאטיש, שטארק דראמאטיש, זאגאר מיט דעם ביסעל ארימע מאטעריאל, וואס ער פערמאגט. אבער קענטיג, אז דער פערפאסער האט עס ניט געוואלט. ער האט דאס מיט די אייגענע הענט צו נישט געמאכט.

דיעזער אקט שטעלט פאר דאס הויז און די פאמיליע פון דעם רייכען מרדכי בערמאן. אויף א שטילען, נאטירליכען, אמת־קינסטלערישען אופן פיהרט דער פערפאסער ארויף די גאנצע הויז־געזינד איינציגווייז אויף דער ביהנע. און ווען מיר דערקענען זיך מיט אלעמען, און מיר הויבען זיך אן צו פיהלען „אין דער היים" ביי דיעזער שעהנער, ליעבליכער פאמיליע, קומט אן די שרעקליכע נייעס: א בעפעהל פון פעטערבורג הייסט איהר פערלאזען די שטאדט אין צוויי וואכען צייט.

ווען דער פערפאסער וואלט דיעזען אקט אויפגעבויט אויפ׳ן אלטען, איינפאכען ארט, ווען ער וואלט פריהער בעוויזען די פאמיליע א גליקליכע, א צופריעדענע, און דערנאך וואלט ער ביסלעכווייז גענומען וועבען א וואלקען איבער איהר קאפ, און מאכען אז צום סוף זאל פון וואלקען אויסברעכען א שטורעם, וואלט דער אקט געווען דראמאטיש. צוזאמען מיט דער נאטירליכקייט, מיט דער אמת׳קייט פון די איינצעלהייטען, וואלט פון דעם ארויסגעקומען עטוואס טיעפעס, שטארקעס. אבער דער פערפאסער האט עס אנדערש בעהאנדעלט.

ער האט איבער׳ן הויז דעם וואלקען פערצויגען נאך איידער דער פארהאנג הויבט זיך אויף. עס איז פארנאכט. איהר הערט דעם שפיעלען פון א טרויערדיגען כל נדרי ניגון. די ביהנע איז גלייך ביים אנפאנג איינגעהילט אין דונקעלהייט. עס איז אומעטיג, שווער אויף׳ן הארצען. איהר פיהלט אינסטינקטיוו, אז אין דיעזער הויז איז ניט פרעהליך. איהר ערווארטעט צו הערען טרויעריגע נייעס נאך איידער מען דערצעהלט דאס אייך.

קענטיג, דער פערפאסער האט געוואלט שאפען א שטימונג בעצייטענס — דער עולם זאל גלייך פון אנפאנג וויסען, אז ער וועט אין דער דראמא זעהן א ים מיט צרות. מעגליך, אז דער פערפאסער האט טיילווייז דערפאר אויך געשריעבען דעם פראלאג. אבער אין א דראמא איז א פריהצייטיגע שטימונג א גרויסער חסרון. מעלאדראמאטישע עפפעקטען זיינען טאקע שלעכט, אבער צופיעל „פרום" זיין איז אויך ניט גוט.

אבגעזעהען פון דיעזען פעהלער איז דער ערשטער אקט אויסגעצייכענט, ליטעראריש אויסגעצייכענט. ער איז אהן צווייפעל דער בעסטער טייל פון דער דראמא. איהר זעהט דארט א רייהע פון הערצליכע, ווארימע, געפיהלפולע סצענעס. אין אייער הארצען ווערען אריינגעגאסען ווארימע געפיהלען, איינע נאך די אנדערע.

און אין דיעזען אקט שפיעלען טאקע אלע אקטיארען בעסער ווי אין די אנדערע אקטען. מר. טהאמאשעפסקי און מאדאם אבראמאוויטש זיינען וואונדערבאר (מיר גלויבען, אז טהאמאשעפסקי האט אין אלגעמיין זעלטען ווען אזוי גוט געשפיעלט, ווי אין דיזער פיעסע). דער איינציגער, וואס פיהרט איבער זיין ראלע אפילו אין דיעזען אקט, איז מר. וויינטרויב, וועלכער שפיעלט חיים סמורלא. אבער צום גליק איז סמורלא אין דיעזען אקט פון קליינער בעדייטונג.

ווען דער צווייטער און דריטער אקט וואלטען געהאט אזוי פיעל „מענשליכען אינטערעס", אזוי פיעל אלגעמיינע האנדלונג און אזא גאנצקייט, ווי דער ערשטער אקט, וואלט די פיעסע טראץ אלע אויסזעצונגען געשטאנען זעהר הויך. ליידער איז דאס ניט דער פאל. די לעצטע סצענע פון 2טען אקט, ווען די נייעס פון משה׳ס צוריקווייזונג פון אוניווערסיטעט ווערט געבראכט, איז ניט איבערצייגענד גענוג. איהר וואונדערט זיך פאר וואס זאל דיעזע נייעס אזוי שטארק טרעפען אלעמען אין דער צייט, ווען פאר זיי שטעהט פאר א פיעל גרעסערער אומגליק, דער אומגליק פון געהן זוכען א נייע היים.

אין דריטען אקט מאכט דער פערפאסער א „סך הכל" מיט אלע זיינע פערזאנען. איינעם נאך׳ן צווייטען ברענגט ער זיי אויף דער ביהנע און בעשטימט זייער שיקזאל. דיעזע ארבייט איז א גאנץ לאנגווייליגע. איבערהויפט רעדט צופיעל דער סטודענט און ער איז צו „סימבאליסטיש". עפעס פיהלט זיך, אז עס איז אוננאטירליך פאר א מענשען אזוי צו טענה׳ן און פילאזאפירען איניגע מינוטען בעפאר ער בעגעהט זעלבסטמארד. די סצענע מיט סמורלא׳ן איז א גאנץ גוטע און א גאנץ שטארקע. צום אומגליק אבער שפיעלט דער אקטיאר די ראלע אונערטרעגליך־שלעכט. ער מאכט פון איהר א ביליגע שטיקעל מעלאדראמא. צייטענווייז מוז מען אפקעהרען דעם קאפ, ווייל מען קען עס ניט אנקוקען.

די יונגע צילי אדלער, אין דער ראלע פון סאניא, און מר. פריעד, אין דער ראלע פון שאול, שפיעלען דורכאויס זעהר גוט אין דער גאנצער דראמא.

ל. פעלדשטיין

ריכאַרד דעהמעל

(צו זיין 50 יעהריגען יובילעאום)

די דייטשע ליטעראַטור האָט ניט לאַנג צוריק געפייערט דאָס 50 יעהריגע יובילעאום פון דעם גרעסטען דיכטער, וואָס זי האָט היינט צו טאָג, — ריכארד דעהמעל. דאָס וואָס הויפּטמאַן איז פאַר דער דייטשער דראַמאַ און טהעאַטער, דאָס איז דעהמעל פאַר דער דייטשער פּאָעזיע. הויפּטמאַן האָט אויס־געטראָטען א נייע ריכטונג אין דראַמאַ און איז געוואָרען דער וועגווייזער פון די דייטשע דראַ־מאַטורגען, דעהמעל איז געגאַנגען אויף גאַנץ נייע, נאָך ניט אויסגעטראָטענע וועגען און גע־שאַפען א נייעם זשאַנר פּאָעזיע, וואָס איז איינציג אין זיין אַרט און וועט עס בליי־בען פאַר דורות; דעהמעל'ס פּאָעזיע איז עטוואָס גראַנדיעז־מענשליכעס, עטוואָס, וואָס איבערשטייגט אונזער געוועהנליכען בעגריף פון דיכטען...

ביז צו די אכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט אין דער דייטשער ליטע־ראַטור געהערשט דער איינפלוס פון קלאַ־סיציזם — די דיכטער האָבען גענומען זיך פאַר א מוסטער די אַלטע קלאַסיקער, האָבען געזוכט נאָכצודיכטען זייערע מאָטיווען און האָבען זיך גאַנץ פערגעסען אן זייער אייגענעם איך. דער־פון נעהמט זיך, וואָס די פעריאָדע פון 1860 ביז 1880 איז אזוי אָרים אין שעפּפערישע גייסטער און אין ווירקליך גרויסע קינסטלער.

מיט די אכציגער יאָהרען האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבען די אזוי גערופענע, „שטורם און דראַנג" פעריאָדע — א פעריאָדע פון קאַמפּף פאַר נייע פאָרמען און נייעם אינ־האַלט. עס זיינען אויפגעקומען די יונגע, און זייער הויפּט ציעל איז געוואָרען אַרויסצו־ברענגען וואָס בולט'ער און פּאָלקאָמענער זייער אייגענע אינדיווידואַליטעט.

עס האָבען זיך בעוויזען גערהאַרט הויפּט־מאַן, הוגא פאָן האָפמאַנסטהאַל, שניצלער, די ברידער האַרט, סטעפאַן דזשאָרזש און פיעלע אַנדערע — א גלענצענדע רייהע שרייבער, וועלכע האָבען געהאַט א געוואַלדיגען איינפלוס אויף זייערע צייטגענאָסען. זיי האָבען אין גאַנצען איבערגעביטען דעם פּנים פון דער דייטשער ליטעראַטור; אין דער לופטען האָט זיך גע־שפּירט, אז נייע כוחות, נייע מענשען זיינען געבאָרען געוואָרען.

אין ווילמערסדאָרף, א שעהנע פאָרשטאַדט לעבען בערלין, האָבען די ברידער האַרט גע־גרינדעט א ליטעראַרישע קאָמונע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען די גייסטרייכסטע קינסטלער פון דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור.

ריכאַרד דעהמעל, געבאָרען אין 1863

אין דעם קרייז פון די דייטשען האָבען זיך אויך אָנגעשלאָסען עטליכע אויסלענדישע דיכ־טער. דער פּאָלאַק סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי,

די דענער אָלאַ האַנסאָן, פּעטער נאַנסאָן און פּיעלע אַנדערע האָבען אין דעם קרייז זייערע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס געמאַכט. פּשיבישעווסקי, דער „סאַטאַנישער“ — ווי זיי האָבען איהם גערופען — איז שפּעטער, מיט זיין גרויסען טאַלענט, געוואָען דער לייטענדער גייסט פון דער „קאָמונע“.

דער ניט לאַנג פערשטאָרבענער אָטאָ אָלאָס ביערבוים האָט אין זיין אונשטערבליכען ווערק „סטילפּע“, אין צווייטען טהייל, מייסטערהאַפּט געשילדערט די אַלע „ווערדענדע“ פון דער ליטעראַרישער קאָמונע, און פון ראָמאַן איז צו זעהן, אז זיי האָבען זיך ניט זעהר שטרענג געהאַלטען אן דער אָנגענומענער מאָראַל. פערשטעהט זיך, נייע מענשען קענען זיך ניט פיהרען מעשה „פיליכטער“ — מעשה שרעקענדיגע, מיושב'דיגע קליינבירגער; נייע מענשען דאַרפען זיך אויך א נייעם לעבען שאַפען...

די ליטעראַרישע קאָמונע האָט ניט געהאַט קיין איינהייטליכע ליטעראַרישע פּראָגראַם. מענשען, וואָס גיבען זיך אָב מיט האָדעווען און פלעגען זייער פערזענליכען „איך“, קענען זיך ניט צונויפקומען אויף איין בעשטימטער ריכטונג, עס קאָן קיין האַרמאָניע ניט זיין אין זייערע שטרעבונגען. און ווירקליך: יעדער איינציגער איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, פאָלגענדיג זיינע סוביעקטיווע נייגונגען.

מיר דאַרפען זיך אַלזאָ ניט וואונדערן, וואָס לעבען הויפּטמאַן דעם דראַמאַטורג זעהען מיר ווילהעלם בעלשע, דעם נאַטורפאָרשער, לעבען גוסטאַוו לאַנדויער—דעם אַנאַרכיסט און פאָלקס־אַגיטאַטאָר, סטעפאַן דזשאָרזש, דעם גייסטיגען אַריסטאָקראַט וואָס האָט זיינע געדיכטע אַרויסגעגעבען נור פאַר א קליינעם קרייז, פאַר זיין אייגענער „געמיינדע“ פון 100 מענשען, אום ניט „בעפלעקט“ צו ווערן פון דער בעריהרונג מיט'ן המון, מיט'ן „מאָב“.

אין דער קאָמונע האָט תמיד געהערשט א געהויבענע שטימונג. די מיטגליעדער האָבען זיך בעטראַכט אַלס אַפּאָסטאָלען, וואָס פּרעדיגען א נייעם גלויבען פון שעהנהייט... מען פלעגט פון צייט צו צייט אַראַנזשירען, ווי פרומע קריסטען טהוען עס, פייערליכע א ב ע נ ד מ אָ ה ל ע ן, וואו מען האָט דעקלאַמירט און געזונגען, און דאָס פלעגט שאַפען אן אַטמאָספערע פון הייליגער בעגייסטערונג און ענטוזיאַזם.

פון דיזען קרייז איז אַרויסגעקומען ריכאַרד דעהמעל.

די מעהרסטע מיטגליעדער פון דער קאָמונע זיינען באַלד בעקאַנט געוואָרען אין דער עפענטליכקייט. זייערע פּאַראַדאָקסאַלע מיינונגען, זייערע סענסאַציאָנעלע גענג און משונה־פרעמדער אויסזעהן האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון נייגיעריגען המון, און זיי זיינען באַלד צוכאַפּט געוואָרען פון די רעדאַקציעס, אַלס גוט־רעקלאַמירטע אַנטיקען, פּיעלע זיינען בעריהמט געוואָרען — ריכאַרד דעהמעל אָבער האָט לאַנג געמוזט וואַרטען ביז זיינע געדיכטע האָבען דערזעהן די ליכטיגע שיין. וואָרום דעהמעל איז געווען א צופיעל אמת'ע פּערזענליכקייט, א צו שאַרף אויסגעדריקטער אייגענאַרטיגער כאַראַקטער, א צו בולט אויסגעקריצטע אינדיווידואַליטעט, — ווי הערמאַן באַהר דריקט זיך אויס — אום צו קענען דיענען פאַר א שפּיעלכעל ביי דער לייכטזיניגער מאַסע.

* * *

אויף דער פראַגע, וואָס איז דעהמעל, איז שווער צו געבען אַ בעשטימטען ענטפער. דעהמעל איז אַ ספינקס, אַ רעטעניש, וואָס איז נאָך ניט געלייזט געוואָרען. ער פעראייניגט אין זיך געגענזעצע. ער האָט געשריעבען די שטאַרקסטע אַרבייטער ליעדער, ער האָט בעזונגען דעם אַרבייטער יום־טוב אין זיין הערליכען געדיכט „דער ערשטער מאַי“. ער האָט פערקינדיגט ווייט און ברייט: מאַכט אַ וועג, די פרייהייט קומט! — און דאָך האָט ער זיך קיינמאָל אָפען ניט ערקלערט פאַר אַ סאָציאַליסט, כאָטש זיינע געגנער האָבען איהם ניט איינמאָל פאָרגעוואָרפען זיין קאָקעטירען מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, און די פאַרטיי גופא האָט איהם גערעכענט פאַר אן איהריגען. מיר דוכט, אַז די ערקלעהרונג איז אין דעם, וואָס דעהמעל איז הויפּטזעכליך אַ געפיהלספּאָעט. די ערוואַכונג פון פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געמוזט אָברופען אויף די צאַרטע סטרונעס פון זיין נשמה, האָט געמוזט איהם אַנשטימען סאָציאַליסטיש. דעמעהל איז, אויף אַזא אופן, א ו נ ב ע ו ו א ו ס ט אַ סאָציאַליסט. אויף דער פראַגע פון אַ קאָנסערוואַטיווען פּאָליטיקער — אַמאָל אין א געשפרעך — צו וועלכער פאַרטיי ער געהערט אייגענטליך, האָט דעהמעל דער דיכטער, געענטפערט, אַז ער געהערט צו אַלע פאַרטייען און צו קיינער ניט; מאַנכעס מאָל איז ער אויך אַביסעל קאָנסערוואַטיוו...

דער הויפּט־מאָטיוו פון דעהמעלס פּאָעזיע איז דער מ ע נ ש. ער זינגט אַ לויבגעזאַנג דעם מענשען. דער שיקזאַל פון דער מענשהייט איז אין דעם מענשענס הענד. ער ווייס, דער מענש איז נאָך ווייט פון פאָלקאָמענהייט; ער זעהט די סתירות אין דער מענשליכער נשמה, אָבער ער זעהט איהם, ווי ער דערנעהענט זיך צו אַ גליקליכער צוקונפט, ווי ער דערנעהענט זיך צו זיין ערלייזונג (דער ערשטער באַנד פון זיינע געדיכטע טראָגט דעם נאָמען „ערלייזונגען“). ער וויל די מענשהייט אויפלייזען אין אַ „שעהנע ווילדע וועלט“ פון נייע, פרייע מענשען, וואָס די גאַנצע וועלט געהערט צו זיי

און וואָס זיי וועלען קענען דרייסט זאָגען וועגען זיך : מיר די וועלט ! אזעלכע מענשען זיינען נאָך ניט געקומען, דעהמעל וויל זיי בעשאַפען, ער שאַפט זיי פון זיין אייגענער נשמה. ער שרייט אויס :

„אָ, וועלט, איך העלף דיר די פרייהייט געבערען !"

דער מענש, וואָס פיהלט אין זיך די קראַפט, די מאַכט, די וועלט צו בעפרייען — דאָס איז די געשטאַלט, וועלכע דעהמעל וויל בעשאַפען. דעהמעל איז דער נביא פון דער זיך בעפרייענדער מענשען־געשטאַלט. ער זעהט זי אין זיינע פּאָעטישע ענטפּלעקונגען.

„מענש־וועלט" — דאָס איז דער צווייטער מאָטיוו פון דעהמעל'ס שאַפען. אָבער דאָס איז ניט ספּינאָזא'ס פילאָזאָפישער פּאַנטעאיזם. דער פילאָזאָף קומט צו זיין שלוס, אז מענש— גאָט — וועלט זיינען איינס, נאָך אַ פערפּלאָנטערטען געדאַנקען פּראָצעס, צונויפפלעכטענדיג איין אבסטראַקציע מיט דער אנדערער. דעהמעל, דער דיכטער, פערנעהמט זיך ניט מיט פּראָבלעמען, אין איהם ריידען די ליידענשאַפטען. ער זעהט דער מענש איז געשמידט אין קייטען, ער פיהלט די פרייהייט איז נאָהענט, ער פערלאַנגט, אז די רייכע שעהנע וועלט זאָל צום מענשען בעלאַנגען, און ער בעפעהלט : די וועלט זאָל זיין דעם מענשענס, וואָרום דער מענש איז דער וועלטס...

א ראיה אז ניט דער געדאַנק, נור די ליידענשאַפט רעדט אין דעמלען דעם פּאַנטעאיסט, האָבען מיר, ווען מיר בעטראַכטען די מיטלען, וועלכע ער שלאָגט פאָר, ווי אזוי דער מענש זאָל ערגאָבערן די וועלט :

„וואַך אויף מיט דיינע ליידענשאַפטען, מענש,
„לאָז אָב דעם אייביגען קלאָג־געשריי,
„לאַך אָדער וויין, האָב לוסט אָדער לייד,
„ערהויב זיך און בלייב ניט אויף אַן אָרט !"

איין מיטעל : לויז לאָזען די ליידענשאַפטען ! און דער וועג ?

„פערטשעפּעסט זיך אָן פגרים,
„וויך ניט צוריק אוועק !"

פערהאַלט זיך ניט אויפ'ן וועג, נור געה אימער פאָרווערטס, אפילו איבער פגרים, וואָרום דאָס גליק פון א מענשען איז מעהר ווי דאָס אונגליק פון טויטע...

פאַר דעהמלען איז די וועלט נאָך א תוהו ובהו, נאָך פאַר מעשי בראשית. גאָט דער הערר שוועבט איבער דעם כאָאָס און זוכט אַן אָרט זיך אָבצורוהען און קען נישט געפינען... עס מאַהלט זיך איהם, וואָס פאַר א שעהנע און האַרמאָנישע וועלט עס וואָלט געקענט זיך איינשטעלען, ווען זי זאָל פון דעם כאָאָס זיך ארויסרייסען און געבאָרען ווערן... און ער רופט אויס : וועלט, זיי !...

דעהמעלס לעבען — זאָגט עמיל לודוויג זיין ביאָגראַף—לויפט ווי א מאָטאָר־ראָד, געטריבען דורך עקספּלאָזיאָנען. שטויסט ער זיך אָן אויף פיינדליכע כוחות, בעקומט ער נאָך מעהר שוואונג. אויך אָפּטמאָל ווערט ער איבערגעשראָקען פון דעם דאָזיגען ווילדען געיעג. אָבער דאָך פערזאַמט ער זיך ניט אויף קיין איינציג מינוט און טרייבט אלץ פאָרווערטס... ער ענטוויקעלט אַן אונגעהויערע עלעמענטארע קראַפט. דעהמעל האָט אין זיך פיעל פון יענעם פראַכט עקזעמפּליאַר, וואָס קען אָנגערופען ווערען דאָס מענשליכע רויב־טיער.

און די פיינדליכע כוחות, דאָס ברענשטאָף, וואָס טרייבט אָן זיין ווילדען לויף, געפינען זיך אין איהם גופא. זיין גייסט איז בעלאָדען מיט ווידערשפּריכע, זיין הארץ איז בעשווערט מיט געגענגעזעצטע געפיהלען. ער איז פאָר זיך אליין דאָס ניט געלייזטע רעטעניש. און דאָך, אין זיין שאַפען, קומען זיך אלע ווידערשפּריכע צונויף, זיי ווערען איין גאַנצעס ; די קראַפט פון זיין טאַלענט פערוואַנדעלט זיי אין א סימפאָניע מיט וואונדער שעהנע, ווען אפילו ווילדע טענער, און איבער זיי, זיי דעקענדיג, קלינגט אַן אויבערטאָן — א ניט־געלייזטע רעטעניש.

דארום מאַכט דעהמעל דעם איינדרוק פון א בלאָנזשענדען. ער איז ווי א פערבלאָנזשעטער קאַפּיטאַן, וואָס זוכט א ברעג צו פעראַנקערן זיין שיף, און היינט, נאָך א פופצעהן יעהריגען שאַפען, נאָכדעם ווי ער האָט ארויסגעלאָזט 12 בענדער פּאָעזיע, מוזען מיר נאָך אַלץ עדות זאָגען אויף איהם, אז ער איז א בלאָנזשענדער...

ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָהנט, איז דעהמעל'ן ניט לייכט אָנגעקומען זיין רוהם. נאָכדעם ווי די קאָמונע האָט זיך אויפגעלייזט, און איהרע מיטגליעדער האָבען זיך צושפּרייט, יעדער אויף זיין גוט בעצאָהלטען פּאָסטען, איז דעהמעל א צייט לאַנג געווען אנגעוויזען אויף זיך אליין, ער האָט געדיכטעט, פון קיינעם ניט אנערקענט. זיעבען יאָהר האָט געדויערט, ביז זיין ערשטער באַנד געזאַמעלטע לידער — „ערלויזונגען" — איז ערשיענען ; זיעבען לאַנגע יאָהר איז ער ביי איהם אָבגעלעגען פאַרטיג צום דרוק. דאָך האָט ער דעם מוטה ניט פערלאָרען. דעהמעל איז א קראַפט־מענש — ער האָט אין זיך די קראַפט פון א נאַטור־מענשען (א ירושה פון זיין פאָטער, וועלכער איז געווען א וואַלדמאַן, א פּרייסישער וואַלד־אויפזעהער). איהם איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו פערזוכען דעם טעם פון נויט. ער איז געוואָרען פערבאַנד־סעקרעטער פון די דייטשע פייערפערזיכערונגס־געזעלשאַפטען, אום צו קענען ערנעהרען ווייב און קינד... א גאַנץ טראַגישע פּאָזיציאָן פאַר אזא גרויסען דיכטער !...

דעהמעל האָט געהאַט צוויי פרויען — ביידע אידישע קינדער. דיזע פרויען — דער־

צעהלט דעהמעל — האָבען איהם ערמונטערט און געהאָלפען צו זיין גרויסען לעבענס־ווערק. און דעהמעל האָט טאַקע א גרויסען טייל פון זיין פּאָעזיע געווידמעט דער פרוי, אָדער דעם ליעבעס־לעבען פון די מענשען. זיין גרעסטעס ווערק „צוויי מענשען“ (א ראָמאַן אין ראָמאַנצען) דערצעהלט, ווי צוויי פרייע מענשען האָבען זיך ליעב, האָבען זיך בעהאַפּטען און קיין שום שטערונג אין דער וועלט קען זיי נישט צוטיילען. דאָרט קלינגען די שטאַרקסטע טענער איבער דעם ליעבעס־פערהעלטנים צווישען מאַן און פרוי. קיין טאָן פון דער אַלט־בעקאַנטער ליעבעס־ליריק (וואָס איז תמיד געוועזען סענטימענטאַל און וויינענדיג). מונטערע מ ע נ ל י כ ע קלאַנגען ברויזען און רייסען זיך פון זיין נשמה. די פליכט פון מאַן און ווייב איז—זייער ליעבע אָפּען און דרייסט, דער וועלט אנטקעגען צו טראָגען. דאָס וועלט גליק האָט זיין וואָרצעל אין ליעבע. דעהמעל'ן געלינגט עס דאָ צו ענטוויקלען אזא מין מייסטערהאַפטע טעכניק, אזא מין גרויסע פּאָעטישע מאַכט, אז דאָס ווערק וועט בלייבען א קרן קימת פאַר די שפּעטערדיגע דורות.

זעלבסטפערשטענדליך האָבען די פּרומאַקעם ניט פערפעהלט אויפצוהויבען זייער אייביגען געשריי: „ציניזם! פּאָרנאָגראַפּיע!“ דעהמעל'ס אָפּענהערציגער עראָטישער טאָן האָט אזוי איבערראַשט די „אַלטע“, די „קאָנסערוואַטיווע“, דאָס זיי האָבען איהם פערשריען ביים דייטשען בירגער אלס „מאָראַל שענדער“.

* * *

דעהמעל איז ניט נור דער אָ ר י ג י נ ע ל ס ט ע ר דיכטער אין היינטיגען פּאָעטישען דייטשלאַנד, נור אויך דער ס ו ב י ע ק ט י ו ו ס ט ע ר: ער ענטפּלעקט פאַר אונז זיין אייגענע נשמה. זיין לעבענס־ווערק האָט ארויסגעבראַכט נור איין געשטאַלט—דעהמעל.

דעהמעל שטעהט אין דער ליטעראַטור אליין, ווי א ווילדער בוים אין מיטען פעלד. ער האָט נישט קיין רבין, קיין פאָרגעגנער, קיין מייסטער, פון וועמען ער זאָל האָבען געלערנט. דאָס וואָס ער איז, איז ער אליין געוואָרען אָהן פרעמדע תורות. אין זיין געדאַנק, אין זיין שטרעבען צום פאָלקאָמענעם פיהלט זיך אמאָל ניעטשע'ס געניאַלער גייסט, אָבער אין דער אייגענאַרטינקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון זיין לירישען געפיהל איז ער שעפּפעריש אָריגינעל, ווי קיין אנדערער דיכטער אין דייטשלאַנד.

ביבליאָגראַפיע

די פריינד פון משה וואַרשע, וועלכער איז געשטאָרבען פּאָרלעצטען פריהלינג (זיין טויט שיינט צו זיין א פּאָראויס בעטראַכטער זעלבסטמאָרד), האָבען צונויפגעקליבען זיין טאַגבוך, פערזען און בלעטלאַך, און האָבען עס פערעפענטליכט אונטער דעם פּרעטענציעזען נאָמען: „וועגען פון א נשמה“.

משה וואַרשע איז בעקאַנט געווען אין די ניו יאָרקער אידישע ליטעראַרישע קרייזען מיט זיין עמפּפינדליכער נשמה, זיינע פּעסימיסטישע שטימונגען און פיינעם אידישען סטיל. ער האָט געמאַכט אייניגע אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען, און האָט אַלעמען צוגעצויגען מיט זיין שטילער בענעהמונג און וועה־מיטליך פריינדליכע אויגען. און דערפאַר, ווייל ער האָט כמעט שטענדיג געשוויגען, האָט זיך געוואָלט גלויבען, אז הינטער די פעסט־פערשלאָסענע ליפּען ליגט א גרויסע חכמה, א טיעפער גייסט, אויב ניט א גרויסע טראַגעדיע.

דער טאַגבוך, וואָס איז וואַהרשיינליך געווען זיין אינטימסטער פריינד, מיט וועלכען ער האָט געפיהרט זיין גאָר לעצטען חשבון הנפש, איז אָבער א היבש ביסעל ענטטוישענד. זיין ודוי ענטפּלעקט ניט קיין טיעפע חכמה, ניט קיין איבעררייכען גייסט, זאָגאָר ניט קיין גרויסע טראַגעדיע. עס דערצעהלט פשוט פון אן אומגליק. אמת א שרעקליכען, אמת א שוידערליכען אומגליק, אָבער אן אומגליק פון א יחיד, אָהן אַלגעמיינע שטריכען און אָהן דעם כאַראַקטער פון אן אַלגעמיינער וואָרנונג.

איינעם פעהלט אן אויג, דעם צווייטען א נאָז, דעם דריטען א האַנד און משה וואַרשע'ן האָט געפעהלט עמפּפינדליכקייט פאַר דאָס לעבען. דער טויט איז, ווי עס שיינט, געבוירען געוואָרען צוזאַמען מיט איהם און ווי די גיפט־פלאַנצען, וועלכע טויטען אָב די פּרעכטיגסטע און העכסטע פּאַלמען, אזוי האָט דאָס טויט־געפיהל אויסגעטריקענט און פערדאָרבען אַלע זיינע געזונדע אינסטינקטען. די איינציגע זאַך, וואָס איהם איז פערבליבען, איז א קאָפּ, ווי עס שיינט, א גוטער, פעהיגער קאָפּ. אָבער וואוהין וועט ברענגען דאָס גרעסטע שיף, איב עס האָט ניט קיין קאָמפּאַס און קיין רודער? און וואָס קען אויפטהאָן דער גרעסטער און בעסטער קאָפּ, ווען עס האָט ניט די וועגען און געזונדע אימפּולסען פון דעם האַרץ?

איז דער קאָפּ אוועקגעפלויגען אין די וואָלקענס, אין אַלערליי ניט־ערדישע פּראָב־

לעמען, ביז עס איז נאטירליכער ווייזע אראב־געפאלען און זיך צובראכען.

ווארשע׳ס פראבלעמען פון לעבען זיינען געווען „זינד״, „ניט־גוטער״, „גאט״, א. ז. וו. קבלה איז פאר איהם געווען א ווירקליכקייט, און ליידענדיג פון בעשטימטע פארמען פון נערווען־קראנקהייטען און מאטעריעלער ארימקייט, דערמאנט ער קיינמאל ניט וועגען זאכען, וואס זאלען האבען די קלענסטע שייכות צו גשמיות. ווי פיעלע אנדערע פערלארענע גייסטער, האט ער געזוכט זיין רעטונג אין ביכער. פון די „בלעטלאך״, וועלכע זיינען פול מיט אויסציגע פון ביכער, איז צו זעהן, אז ווארשע האט פיעל געלעזען און האט אומעטום האפנונגסלאז געזוכט אן ענטפער אויף זיין אונגליקליכער עקזיסטענץ. דא זיינען דער עוואנגעליום און וואלט וויטמאן, מארק אורעלי און וויינינגער, ניטשע און ברזשעווסקי.

דער א י נ ה א ל ט פון דעם גאנצען ביכעל האט ווארשע אליין סומירט אין צוויי שורות, וואס קלינגען מיט׳ן ריטם פון סקעלעטען־ביינער, וואס רייבען זיך איינע אן די אנדערע:

„אויפ׳ן קבר פון מיין נשמה האב איך א
געצעלט געבויט,
„דארט וואהן איך איצט — פון נויט...״

דאס ביכעל לאזט אונז אריינקוקען אין א איידעלע, צארטע, אבער זעהר קראנקהאפטע נשמה.

ב. ברכות

רעדאקציאנעלע נאטיצען

ווען מיר האבען איבערגענומען די רעדאקציאן פון „צוקונפט״, האבען מיר ערקלערט, אז פריהער פון אלץ ווינשען מיר, אז יעדע שורה אין „צוקונפט״ זאל פון אונזער עולם געלעזען ווערען, און געלעזען ווערען מיט נוטץ און פערגניגען. דאס איז, האבען מיר געשריעבען, אונזער בעשיידענע, אבער זעהר ערנסטע שטרעבונג — אונזער הויפט שטרעבונג. אויב מיר ווילען אויפהויבען די לעזער צו אונז, צו אונזער געדאנקען־קרייז, צו אונזערע אידעאלען, דאן דארפען מיר זעהן פריהער פון אלץ, אז די לעזער זאלען אונז פערשטעהן און לעזען און ליעב האבען צו לעזען.

אז אזא אויפגאבע איז ניט גאר פון די לייכטע פאר אן ערנסטען זשורנאל און נאך דערצו אין דער אידישער שפראך — דאס איז זעלבסטפערשטענדליך. מיר האבען אבער ניט געשפארט קיין מיה דיעזע אויפגאבע, ווי ווייט מעגליך, דורכצופיהרען. מיר האבען אימער געפיהלט אונזער פעראנטווארטליכקייט פאר׳ן לעזער — די פולע פעראנטווארטליכקייט פאר יעדען ארטיקעל, פאר יעדען פיידזש, פאר יעדער שורה.

ווייטער, האבען מיר געזעהן, אז די „צוקונפט״ זאל ווערען א זשורנאל און ניט בלויז א זאמעל־בוך פון צופעליגע ארטיקלען — א צייטשריפט אין פולען זינן פון ווארט, וואס זאל זיך אפרופען אויף די וויכטיגסטע פאסירונגען פון מאנאט און בעלויכטען זיי אין שיין פון די סאציאליסטישע וואהרהייטען. כמעט יעדער ארטיקעל איז געווען א בעשטעלטער און איז פריהער בעשפראכען געווארען מיט׳ן שרייבער. און מיר האבען געזוכט, ווי ווייט מעגליך צו בעשטעלען די ארטיקלען ביי פאך־מענשען, וואס ווייסען גרינדליך דעם ענין, וועגען וועלכען זיי שרייבען.

אזוי ווי די „צוקונפט״ ווערט ארויסגעגעבען אין אמעריקא און פאר אמעריקא, האבען מיר געלייגט די הויפט אויפמערקזאמקייט אויף די אמעריקאנער פאסירונגען. מיר האבען אויך געזעהן, אז דער זשורנאל פון די אידישע ארבייטער זאל ווערען מעהר אידיש. מיר האבען אויך אפגעגעבען פיעל מעהר פלאץ פאר בעלעטריסטיק און פאעזיע. מיר האבען געזוכט צו קריגען דאס בעסטע, אויף וויפיעל נור דאס האט זיך געווענדעט אן אונז. מיר האבען דאס אלעס פערשפראכען און ווי ווייט מעגליך האבען מיר געזוכט די פערשפרעכונגען מקיים צו זיין.

און דער ערפאלג פון דער נייער „צוקונפט״ האט איבערטראפען די בעסטע ערווארטונגען אונזערע. מיט א יאהר צוריק וואלט מען בשום אופן ניט געקענט פארשטעלען זיך, אז די „צוקונפט״ זאל זיך ווען־עס־איז פאנאנדערגעהן אין אזא גרויסער צאהל, ווי זי געהט זיך פאנאנדער איצט.

די „צוקונפט״ האט איצט בעוויזען, אז אפילו א ערנסטער סאציאליסטישער זשורנאל קען אויך האבען א גרויסען לעזער־פובליקום. און דאס איז זעהר אן אנגענעהמע איבעררראשונג פאר אלע פריינד פון דער אידישער ליטעראטור. אונזער לעזער שטעהט פיעל העכער, ווי מען שטעלט זיך עס פאר אין געוויסע קרייזען.

* * *

דאס פראגראם פון דער „צוקונפט״ פאר׳ן נעכסטען יאהר מוזען מיר צוליעב געוויסע אורזאכען אפלייגען פאר דעם פעברואר נומער. און איצט וועלען מיר אנצייגען אויף דער „צייט״. אויף דער פראלעטארישער אידישער וואכענשריפט, וואס ווערט ארויסגעגעבען אין פעטערבורג, פערשטעהט זיך, אונטער די ערגסטע אומשטענדען און מיט די גרעסטע אפפער.

די פּרעסע פון די אידישע פּראָלעטאַריער אין רוסלאנד איז פאר די אידישע פּראָלעטאַריער אין אמעריקא בשום אופן ניט א פרעמדע זאך פון א פרעמדען פאָלק אין א פרעמדען לאנד. דאָס איז פאר זיי א נאהענטע, אייגענע זאך. און גראדע ניט דערפאר ווייל די אידישע פּראָלעטאַריער אין רוסלאנד זיינען אונזערע קאָזינס, אונזערע נאָהענטע און אייגענע, נור דערפאר ווייל זיי זיינען אונזערע צוקינפטיגע אימיגראנטען, אונזערע צוקינפטיגע לעזער, סטרייקערס, יוניאָן־לייט, סאָציאַליסטען. און ווען מיר שטיצען דיעזע פּרעסע דאן שטיצען מיר פריהער פון אַלץ זיך זעלבסט.

די אידיש־פּראָלעטאַרישע פּרעסע אין רוסלאנד — דאס איז די גרויסע פאָרבערייטונגס־שולע פאר דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג אין אמעריקא. די סאָציאַליסטישע פּרעסע אין רוסלאנד האָט עס פאר אונז ערצויגען דעם נייעם דור אימיגראנטען, וואָס האַלטען אויף פעסט די יוניאָנס און פיהרען גלענצענד די סטרייקס און טראָגען אריין יוגענדליכען פייער און יוגענדליכע בעגייסטערונג אין דער גאנצער אַרבייטער בעוועגונג.

די אידישע פּראָלעטאַרישע פּרעסע אין רוסלאַנד איז אויפגעבויט געוואָרען אויף א פונדאַמענט פון לעבענס; טויזענדער יאָהרען טורמע און סיביר ליעגען הינטער איהר — גאנצע גיהנום׳ס מיט יסורים, גאנצע בית עלמין׳ס מיט מארטירער. און אפילו איצט, ווען זי האָט זיך שוין לאנג ארויסגעריסען פון די אונטערערדישע טיעפעניסען, זיינען די אומשטענדען אונטער וועלכע זי מוז אויפהאַלטען איהר עקזיסטענץ אַלץ נאָך שרעקליכער פון שרעקליך. יעדער איינער, וואָס איז כאָטש עטוואָס בעקאנט מיט רוסלאנד, וויים גאנץ גוט, אין וואָס פאר א קרייז פון פינסטערען דלות און אונטער וואָס פאר א שוידערליכען רעגיערונגס־דרוק קומט אויס דאָרט דער אַרבייטער פּרעסע צו לעבען און געדייהען.

און דאָס דארפען מיר אימער האָבען אין זינען, ווען נור מען ווענדט זיך צו אונז פון דער וואָכענשריפט נאָך שטיצע. העלפענדיג דער „צייט" העלפען מיר ניט נור דער איינציגער אידישער פּראָלעטאַרישער צייטשריפט אין רוסלאנד; מיר העלפען דאָ אויך אונזערע אייגענע יוניאָנס, אונזער אייגענע בעוועגונג, זיך אליין.

* * *

גענ. ב. ריווקין, וועלכער האָט געארבייט אין די „צוקונפט" פאר די לעצטע 5 מאָנאַטען צייטווייליג, איז אָנגעשטעלט געוואָרען אלס רעדאַקציאָנס־סעקרעטער.

בעקאַנטמאַכונג!

פון דער

עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אַרבייטער רינג

עס דרוקט זיך און באַלד וועט פאַנאַנדערגעשיקט ווערען צו די סובסקרייבער אונזער בוך

„די וועלט און די מענשהייט"

12 פאָרלעזונגען איבער דער ענטוויקלונג פון נאַטור און קולטור

— פון —

דר. סירקין, דר. קאַספּע, א. ש. זאַקס, דר. מעריסאָן, דר. סאַניי, מ. אַלעקסאַנדראָוו, משה כץ, י. מילך, דר. זאָלאָטאַראָוו, וו. עדלין, מ. טערמאַן און ל. ב. בודין.

432 פיידזשעס, 42 אילוסטראַציאָנען און 18 בילדער

געדרוקט אויפ׳ן בעסטען פאַפּיער און פּראַכטפאָל געבונדען.

פּרייז 80 סענט.

פאַר מעמבערס פון אַרבייטער רינג 50 סענט (אויסער פּאָרטאָ).

פיר מעמבערס וואָס האָבען זיך סובסקרייבט ביז דען 1טען דעצעמבער — 40 סענט (אויסער פּאָרטאָ).

מעמבערס פון אַרבייטער רינג וועלכע האָבען זיך סובסקרייבט אויפ׳ן בוך, קענען איהם בעקומען נור דורך די סעקרעטערע פון זייערע ברענטשעס.

די עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע.



Vol. XIX FEBRUARY, 1914 No. 2

א. ליעסין

עדיטאָריעלע נאָטיצען

צום 25־יאָהריגען יובילעאום פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

מיט 25 יאָהר צוריק, ווען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק האָבען זיך אָרגאַניזירט, זיינען זיי בעשטאַנען פון צוויי יוניאָנס און 40 מיטגליעדער. איצט, ווען מען פייערט זייער 25־יאָהריגען יובילעאום, בעשטעהען זיי שוין פון 109 יוניאָנס און א פיערטעל מיליאָן מיטגליעדער.

דאָס זיינען די מערקווירדיגע ציפערן, וואָס דערצעהלען אם שעהנסטען די געשיכטע פון דער צענטראַלער אידישער אַרבייטער קערפּערשאַפט, וואָס דריקען אויס אם שטאַרקסטען איהר פולע בעדייטונג פאַר דער אידישער אַרבייטער וועלט.

און די אַלע 109 יוניאָנס, סיי די קלענערע און סיי די גרעסערע און סיי די גאָר גרויסע, האָבען די געווערקשאַפטען אליין אָרגאַניזירט אָדער ענערגיש געהאָלפען צו אָרגאַניזירען. אפילו די גרויסע קלאָוק־מאַכערס יוניאָן און די גרויסע שניידער יוניאָן האָבען זעהר פיעל צו פערדאַנקען די געווערקשאַפטען. נאַטירליך, די קלענערע יוניאָנס האַלטען זיך פעסטער אָן דער צענטראַלער קערפּערשאַפט. זי אַפּעלירט פאַר זיי צו דער עפענטליכער מיינונג, זי פיהרט זייערע סטרייקס, זי קאָנטראָלירט אָפטמאָל אפילו זייערע געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען. די גרויסע יוניאָנס, דאַגעגען, אזוי ווי אַלע גרויסע קינדער, דערוויייטערן זיך שוין אביסעל פון דער מוטער־אָרגאַניזאַציאָן, וואָס האָט פאַר זיי אזוי פיעל געטהאָן, בעת זיי זיינען נאָך קליין און שוואַך געוועזן. דאָס איז צו בעדויערן*); דאָס איז אָבער, לאָמיר דענקען, ניט די שולד פון די געווערקשאַפטען.

אזוי צי אזוי, אַלע אידישע יוניאָנס זיינען פערבונדען מיט די געווערקשאַפטען; אַלע שטעהען זיי אָרגאַניזירט אין די געווערקשאַפטען. און דער יום־טוב פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט איז אויך זייער יום טוב. דאָס איז דער יום טוב פון 250 טויזענד אידישע אַרבייטער — פאַמיליען־פאָטערס אָדער פאַמיליען־שפּייזערס. דאָס איז דער יום טוב פון גאַנצען אידישען אַרבייטענדען ניו יאָרק.

* * *

גרויסע און געוואַלדיגע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען פאַר די לעצטע 25 יאָהר אין דעם אידישען לעבען. עס איז גענוג צו זאָגען, אז פאַר די 25 יאָהר האָט כמעט א גאַנצער פינפטעל פון אידישען פאָלק געמוזט נעהמען זיך פאַר'ן וואַנדער־שטאָק. אונגעפעהר צוויי מיליאָן אידען האָבען אוועקגעוואָרפען די אַלטע היים פון זייערע אור־עלטערן און געלאָזען זיך זוכען א נייע היים אויף אונזערע ווייטע ברעגען. צוויי מיליאָן אידען האָבען א שפּרונג געטהאָן פון א מיטעל־אַלטערליכער וועלט גלייך אין א וועלט פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, פון דער פינסטערסטער דעספּאָטיע — גלייך אין דער פרייסטער רעפּובליק, פון היימישען שטעדטעל — גלייך אין די ריעזיגסטע און קאָכיגסטע וועלט־שטעדט. און געקראַכט האָט די אידישע נשמה איבער דער גאַנצער ליניע. די אַלטע בעגריפע און די אַלטע זיטען, די אַלטע אמונה און די אַלטע מאָראַל — אַלץ איז פאַנאַנדערגעפאַלען. פיעלעס, וואָס דער לאַנגער גלות האָט געהאָדעוועט, וואָס די אידישע אַנגסט האָט געבאָרען און די קריסטליכע שנאה האָט געשפּייזט, איז פערשוואונדען; עס איז שפּורלאָז פערשוואונדען, אזוי ווי א קלאַנג, וואָס האָט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק אָפּגעקלונגען.

---

*) אין איינעם פון די נעכסטע נומערן „צוקונפט" וועלען מיר האָבען אן אויספיהרליכע אָבהאַנדלונג וועגען די אידישע יוניאָנס בכלל און וועגען די געווערקשאַפטען בפרט.

וואָס אַנדערע פעלקער האָבען אונטער
נאָרמאַלע אומשטענדען דורכגעמאַכט אין פער־
לויף פון יאָהרהונדערטע, דאָס האָבען מיר
דורכגעמאַכט אין פערלויף פון יאָהרצעהנדליגע,
אַזוי ווי די געשיכטע וואָלט דאָ געוואָלט אָנ־
יאָגען די פערלאָרענע צייט — די אַלע יאָהר־
הונדערטע פון פערגליווערטען געטאָ־לעבען.

און אָט אין דעם תוהו ובוהו פון נייעם
אידישען לעבען, אין מיטען פון א הפקר־כאַאָס,
צווישען די רואינען פון די אַלטע אידישע זיטען,
צווישען די חורבות פון די אַלטע אידישע בע־
גריפע, איז פאָרגעקומען די געבורט פון דעם
אידישען פּראָלעטאַריאַט.

דאָס איז געווען אַ גרויסע און וויכטיגע
פּאַסירונג, פיליכט די גרעסטע און די וויכ־
טיגסטע אין דער אידישער גלות־געשיכטע —
א פּאַסירונג, וואָס האָט געגעבען אונזער פאָלק
א גאַנץ אַנדער אָנזעהן. און ביים וויעגעלע
פון דעם ניי־געבאָרענעם האָבען זיך פון אָנ־
פאַנג אָן אָנגעשטעלט אויף דער וואַך די
פּעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

און אויב דער אידישער שאַפּ־אַרבייטער
האָט אונטער די ערגסטע בעדינגונגען געקענט
איינהאַלטען זיין מענשען־ווירדע, זיין קלאַסען־
ווירדע, דאַן האָט ער דאָ פיעל צו פערדאַנקען
די יוניאָנס און די געווערקשאַפטען — זייער
25־יאָהריגער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, ערצי־
הונגס־אַרבייט, אויפקלערונגס־אַרבייט. זיי האָ־
בען עס די הונדערטער טויזענדע עלענדע, פער־
הונגערטע, פערצווייפעלטע קאָנקורענטען אויפ׳ן
אַרבייטער מאַרק פעראייניגט און אָרגאַניזירט
אין דיסציפּלינירטע אַרבייטער לעגיאָנען. זיי
האָבען עס די גרויסע מאַסען צונויפגעלאָפענע
אידען צוזאַמענגעשלאָסען אין אַ קעמפּפענדער,
מעכטיגער אַרמעע, וואָס איבערראַשט אַזוי אָפט
און ענטציקט אויך די גאַנצע אַמעריקאַנישע
אַרבייטער וועלט.

א גרויסער אינדוסטריעלער אידישער
פּראָלעטאַריאַט איז דאָ פאַר די לעצטע 25
יאָהר אויסגעוואַקסען. און ער שטעהט שוין
כמעט אין גאַנצען אָרגאַניזירט אין די אידישע
געווערקשאַפטען, דורכגעדרונגען מיט׳ן ערהאַ־
בענעם אחדות־געפיהל, וואָס פעראייניגט יע־
דען איינציגען אַרבייטער מיט׳ן פיערטעל מי־
ליאָן ברידער אַרבייטער, דורכגעלויכטען מיט
נייע זיטען און מיט א נייער מאָראַל — מיט די
זיטען און מיט דער מאָראַל פון ערוואַכטען
אַרבייטער קלאַס.

* * *

מיט 25 יאָהר צוריק, ווען די פּעראיי־
ניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק
האָבען זיך אָרגאַניזירט, זיינען די אַרבייטס־
שטונדען געווען אָהן א שיעור — ביז 80
שטונדען א וואָך. איצט, ווען די געווערקשאַפ־
טען פייערן זייער 25־יאָהריגען יובילעאום,
אַרבייט מען שוין דורכשניטליך ניט מעהר ווי
50 שטונדען א וואָך.

און זאָל מען זינגען לויב־געזאַנגען די
גרויסע פילאַנטראָפּען. וואָס פאַר א בעדייטונג
קענען האָבען די שעהנסטע וואונדער פון פי־
לאַנטראָפּיע געגען דער קורצער געשיכטע, וואָס
די פּאָאר שורות דערצעהלען אונז! צו געווינען
פאַר שווער אַרבייטענדע מענשען 7 מיליאָן
פרייע שטונדען יעדע וואָך — קען מען זיך
פאָרשטעלען עטוואָס מעהר הערליכעס, מעהר
בעגייסטערענדעס!

דיזעלבע ענדערונג זעהען מיר אויך אין
שייכות צו ווידזשעס, צו דער בעהאַנדלונג
אין די שעפּער, צו די סאַניטאַרע בעדינגונגען
אין די שעפּער. פערשטעהט זיך, דאָס סיסטעם
פון לוין־שקלאַפעריי האָט זיך נאָך דערמיט
אַליין ניט געענדערט. דער פּראָפיט פון באָס
איז נאָך אַלץ די ניט־בעצאָהלטע אַרבייט פון
דעם אַרבייטער. דער קלאַס, וואָס בעזיצט די
געצייג און די מיטלען פון פּראָדוקציאָן, איז
נאָך אַלץ דער הערשענדער קלאַס. דער דאָלאַר
ווערט נאָך אַלץ געשעצט העכער, איידער דאָס
מענשליכע לעבען. די שטאַרק ענטוויקעלטע
יוניאָן־בעוועגונג האָט אָבער דאָך שוין גע־
בראַכט פיעלע און וויכטיגע פערבעסערונגען.
די פלייצע פון דעם אַרבייטער האָט זיך שוין
א רעכט ביסעל אויסגעגלייכט. דער אונער־
זעטליכער אַפּעטיט פון זיין אויסזויגער איז
שוין א רעכט ביסעל איינגעצוימט. און די
שרעק־בילדער פון דעם אַמאָליגען סוועטינג־
שאָפּ און דעם אַמאָליגען סוועטינג־שקלאַף
האַלטען שוין כמעט אין גאַנצען ביים פער־
שווינדען.

און די פּעראייניגטע אידישע געווערק־
שאַפטען זיינען געשטאַנען אין רעכטען מיטען
פון דעם קאַמפּף פאַר די אַלע פערבעסערונגען.
און וואָס ברייטער די געווערקשאַפטען און די
יוניאָנס ענטוויקלען זייער טהעטיגקייט און
וואָס גרעסער עס איז זייער ערפאָלג, אַלץ קיר־
צער ווערען די אַרבייטס־שטונדען, אַלץ גרע־
סער ווערען די ווידזשעס, אַלץ פרייער
פיהלט מען זיך אין די שעפּער, אַלץ וויניגער
ציטריט האָט דער מלאך המות צו דעם אַרביי־
טער׳ס היים.

* * *

250 טויזענד אַרבייטער זיינען אָרגאַני־
זירט אין די געווערקשאַפטען. די בעדייטונג
פון דער צענטראַלער אידישער אַרבייטער קער־
פערשאַפט איז אָבער גרויס פאַר אַלע אידען—
און ניט בלויז פאַר די אידען, וואָס וואָהנען שוין
אין אַמעריקא, נור אויך פאַר די אידען, וואָס
קלייבען זיך נאָך אין אַמעריקא. אונז איז
שוין אויסגעקומען צו ריידען וועגען דעם. אויב
מען קוקט ניט אויף די אידען, ווי אויף די

כינעזער, האָבען מיר עס צו פערדאַנקען די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער. מיר דאַרפען זיך נור פאָרשטעלען, ווי מיר וואָלטען אויסגעזעהן אין די אויגען פון אונזערע קריסטליכע שכנים, ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט די געווערקשאַפטען מיט די 109 יוניאָנס, ווען די אידישע אַרבייטער וואָלטען געבּינסטערט נאָך אין דעם זעלבען צושטאַנד ווי מיט 25 יאָהר צוריק. ניט די שתדלנות פון די יהודים, נור די אידישע יוניאָנס — דאָס איז די שאַרפסטע וואַפע געגען די אימיגראַנטען־פרעסער.

250 טויזענד אידישע יוניאָנלייט בלויז אין דער שטאָדט ניו יאָרק! און אין דעם גאַנצען סטייט ניו יאָרק איז די אַלגעמיינע צאָהל יוניאָנלייט, סיי פון די אידישע און סיי פון די קריסטליכע, ניט מעהר ווי 800 טויזענד. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער 25־יאָהריגער יוניאָן־בעוועגונג צווישען דעם אידישען אַרבייטענדען ניו יאָרק. דאָס איז ווירקליך א וואונדערליכער, איבעראַשענדער רעזולטאַט!

די אידען אין אַמעריקאַ האָבען בעוויזען, אַז זיי קענען זיין ניט נור א פאָלק פון אַרבייטער, זיי האָבען בעוויזען, אַז זיי קענען אויך זיין אַ פאָלק פון אָרגאַניזירטע אַרבייטער. און דאָס איז דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען געקענט בעוויזען.

מאָררים ראָזענפעלד*)

פון פרעמדע שפּראַכען

צייטמאָס

פון כינעזיש

בלומען קלייב איך ביי דעם וועג מיר,
אָבער ווען איך דיך ניט זעה,
ליעבסטער, איז מיר ווינד און וועה,
שיינט דער טאָג ווי זיבען טעג מיר.

גראָז און בלום האָב איך געבראָכען,
דאָך קוים בלייבסט דו, ליבטיגקייט,
א שטונד א איינציגע ווייט
ווערט די שטונד מיר לאַנג ווי וואָכען.

בלומען רייס איך צווישען קאָרען,
פלעכט זיי אין די האָאר מיר שעהן,
זאָל איך דיר אויג אין אויג ניט זעהן,
ווערט דער אויגענבליק מיר יאָהרען.

* * *

צו דער געליעבטער

פון טערקיש

א גרויסער ים־שאָל איז די וועלט,
יאָ, גרויס אָהן א שיעור.
דו ביזט דער איינציגער פּערל,
וואָס איז דאָ אין איהר...

די קלאָגענדע ווייבער

א טשערקעסישעס ליעד

איז ניט דיין גאַנג געווען נאָך פעסט
און שטאָלץ?
פאַרוואָס ביזט דו געפאַלען ווי א האָלץ?
פאַרוואָס ביזט דו געשטאָרבען?
פאַרוואָס פערדאָרבען?
פאַרוואָס א קרבן? —
אייארירא!*)

איז ניט געווען דיין ג'זיכט נאָך פריש און רויט?
פאַרוואָס האָט דיך בעזיעגט דער שווארצער
טויט?
פאַרוואָס ביזט דו פערלאָרען?
אומזיסט געבאָרען!
אומזיסטע יאָהרען! —
אייארירא!

האָסט דו ניט געהאַט דאָ אי ברויט, אי וויין?
פאַרוואָס מוזט דו איצט, וועה, געשטאָרבען זיין?
פאַרוואָס ביזט דו פערגאַנגען?
אין גרוב געפאַנגען!
ווערים און שלאַנגען! —
אייארירא!

---

*) נאָכדרוק פערבאָטען.

*) „אייארירא“ איז ווי ביי אונז אין אידיש „אוי וועה געשריען!“

מ. ווינטשעווסקי

קלאָוקמאַכער פּראָבלעמען

אויב איהר קענט זיך פּאָרשטעלען, ווי אזוי א לעהרער קען ארויפגעהן אויף א בימה — רופט עס קאַטהעדראַ, אויב איהר ווילט — און אָנהויבען א רעפעראַט איבער א געאָלאָגישע טעמאַ אין א צייט, וואָס אונטער דער בימה, אונטער דעם גאַנצען פּלאַץ, וואו דער לעהרצימער געפינט זיך, אפשר פּאַר מיילען און מיילען ארום און ארום, געהט אָן אן ערדציטערנייש;

אויב איהר קענט זיך, הייסט דאָס, פּאָרשטעלען א מענשען, וועלכער פערגעסענדיג ווי עס האָט נאָר־וואָס מורא'דיג געטרייסעלט און ניט טראַכטענדיג, אז עס קען באַלד קומען א נייער, אפשר נאָך אן ערגערער „שאָק" — א טרייסעל, וואָס קען איינוואַרפען טעמפּלען און ברעכען שטאַרקע מויערן און איבערקעהרען אַלטע, איינגעפונדעוועטע בנינים, — קען ער שטעהן און דערצעהלען אין רוהיגען טאָן די יסודות און דעם פּלאַן פון מעשה־בראשית אָדער מהפּכת סדות, געאָלאָגיש ערקלערט, —

אויב איהר קענט זיך דאָס פּאָרשטעלען, קענט איהר אפשר זיך אויך מאַכען א בעגריף פון דעם, ווי מען פיהלט זיך שרייבענדיג וועגען די פּראַבלעמען פון דער פרויען־קליידער־אינדוסטריע מיט אַלץ וואָס איז שייך דערצו, אין א צייט, ווען די פּאָדלאָגע סקריפּעט און הויבט זיך אונטער אייערע פיס און דורך אַלע אייערע פיין־געאָרדערטע, פיין־סאָרטירטע, אויסגעמושטירטע געדאַנקען וועגען אייער ענין לויפט דורך ווי א בליץ אַלע וויילע דער שרעקגעדאַנק:

ווי גיך קומט דער נעכסטער „שאָק" און וואָס וועט איצט א פּאַל טהאָן? אויב עטוואָס וועט פּאַלען, וועט דאָס, ווער וויים, זיין ניט מעהר ווי א סלופּ אָדער חלילה דער גאַנצער בנין?

און מיינט ניט, אז דאָס איז ניט מעהר ווי סענטימענטאַלע מליצה פון א צוטומעלטען אידישען שרייבער... הלואַי וואָלט דאָס אזוי געווען. דער טרויעריגער אמת איז אָבער, אז בעת מיין פעדער שפּרינגט איצט ארום אויפ'ן פּאַפּיער פּרובירענדיג ארויסברענגען וואָס איך האָב צו זאָגען, זיץ איך דריי טירען פון פינפטער עוועניו, וואו טויזענדער קלאָוק־מאַכער מאַרשירען און שילטען... ניט די באָסעס, ניט זייערע שוטרים און נוגשים, וואָס האַלטען זיי ביי דער עבודת פּרך האַלב־הונגעריגע א גרויסען טייל פון יעדען יאָהר פון זייער לעבען, נור די פיהרער זייערע, די אייגענע פיהרער, וואָס האָבען נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק גערעדט אין זייער נאָמען מיט דעם שטאָלץ פון גאָט געשיקטע משה ואהרן פּאַר פּרעה מלך מצרים!

— „ניעדער מיט דער אינטערניישאָנאַל!"

—ניט „ניעדער מיט די באָסעס!"—איז היינט דער געשריי און ווען ראָזענבערג און דייטש — די קלאָוקמאַכערס משה ואהרן פון אייערנעכטען — וואָלטען געהאַט דעם מוטה זיך צו שטעלען געגען דעם שטורעמדיגען שטראָם פון דעם פּאָלקסצאָרן, וואָס שטייגט אריבער די ברעגעס און פליייצט רעכטס און לינקס אין זיין שטאַרקען פלוס, וואָלטען זיי וואַהרשיינליך אַוועקגעטראָגען געוואָרען אזש אין דעם טיעפען תהום אריין.

און — זאָגט עס קיינעם ניט אויס: די דיפּלאָמאַטיע איז דאַגעגען! — מיין אַלטע, נאַרישע האַרץ איז מיט די רעבעלען אין גאַס, צי זיי טהוען רעכט צי ניט.

און אפשר איז דאָס טאַקע גוט אזוי, ווייל מיט דער האַרץ „טעמפּעראָער אבוועזענד", וועט זיין לייכטער צו רעדען קלוג, קאַלט און אונפּאַרטייאיש.

געהט עס.

* * *

די מאַנטעל־נייהער אלס אַרבייטער האָבען, פערשטעהט זיך, אַל' די צרות, וואָס עס האָבען די אַרבייטער אין דעם שניידער־פּאַך בכלל, אָבער דערצו ספּעציעלע צרות.

די שניידער־אַרבייטער אין אלגעמיין האָבען פּאַך־ליידען און אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישע ליידען.

ווען מיר וועלען דאָ רעדען וועגען די פרויען־קליידער אַרבייטער, זייער לאַגע, זייערע פּראָבלעמען, וועט מען נאַטירליך פערשטעהן, אז א גרויסער טייל דערפון האָט א שייכות מיט דער לאַגע און מיט די פּראָבלעמען פון אַלע פּראָלעטאַריער און ספּעציעל פון די שניידער־אַרבייטער צווישען זיי. איך מאַך דיזע פּאָרבעמערקונג, כדי עס ניט צו דאַרפען ביי יעדען פּונקט אויסטייטשען.

וואָס איז די לאַגע און וואָס זיינען די פּראָבלעמען?

לאָמיר זיך צוקוקען צו דיזע, וועט יענע

שוין ממילא קלאָר ווערען.

די פּראָבלעמען זיינען פאָלגענדע:

חוץ דער אַלוועלטליכער סאָציאַלער פּראַגע, דער פּראַגע פון קאַפּיטאַל און ארבייט,

1. די פּסיכאָלאָגיש אידישע פּראָבלעמען (און טאַקע בלשון רבים);
2. די רעליגיאָנס־פּראַגע;
3. די ראַסענפּראַגע: ניט אידען געגען אידען;
4. די געשלעכטס־פּראַגע: פרויען געגען מענער;
5. איינוואַנדערונגס־פּראָבלעמען;
6. קאָנטראַקטאָרס;
7. סטיילס: מאָדע־פּראָבלעמען;
8. דזשאַבערס.

לאָמיר, כאָטש אויבערפלעכליך, זיי אַלע בעטראַכטען.

* * *

וואָס איז שייך צו די פּסיכאָלאָגיש־אידישע פּראָבלעמען, ווּעלען מיר דאָ בלויז אָנווייזען אויף דעם בעקאַנטען פאַקט, אז דער איד איז „בטבע“ ניט קיין אַרבייטער און ניט קיין פאַבריקאַנט.

אינ’ם מיטעל־אלטער האָט ער אין די „ציוויליזירטע“ מדינות פון אייראָפּאַ ניט געטאָרט געהערען צו קיין צונפט (צעך, אויף ענגליש: גילד) און, וואו מען האָט איהם איבערהויפּט געלאָזט זיך בעזעצען, איז ער סיסטעמאַטיש געמאַכט געוואָרען פאַר א הענדלער, אָדער א פּראָצענטניק, סיידען וואו ער, אלס אן „עם יודע ספר“, איז צוניין געקומען אלס א לעהרער, א דאָקטאָר אָדער אן אפּטייקער.

נור אין די לענדער, וואו אידען האָבען געוואָהנט אין גרויסע מאַסען, ספּעציעל אין פּוילען, זיינען זיי געוועזען בעלי־מלאכות און טאָג־לוינער — די באָסעם און די הענט פון אמאָליגע צייטען — כמעט אין אַלע מינים מענשליכע פּראָדוקטיווע אַרבייט.

אָבער אפילו דאָרטען איז דער איד געזעסען ביין וואַרשטאט בעל־כרחו, זיך שעמענדיג מיט דער אַרבייט, וועלכע האָט איהם געשטעמפּעלט פאַר אן עם־הארץ אין אן אויסגעקליבענע אומה פון גייסטיגע אריסטאָקראַטען. עפּעס א קלייניגקייט: א אידישער בעל־עגלה וואָס פלעגט קענען דאַוונען פון סידור בעת דער גראַף, וואָס איהם געהערט די שטאָדט, פלעגט קאַם־קאַם איבערלייענען א פּאָוויעסטקע!

אויף דעם אופן איז דער איד, סיי אַלס ארבייטער, סיי אלס פאַבריקאַנט, לויט נאָך זיין פּסיכאָלאָגיע נאָך, א מענש, וואָס איז אין האַרצען א סוחר, א מענש, וואָס אַרבייט ווען ער מוז און אזוי לאַנג ווי ער מוז.

לאָז זיך דעם אַרבייטער מאַכען א „סטענד“ במקח השוה, א לאָך אין א וואַנד פאַר א קרעמעל, אן אַגענטסטוואָ פון פייער־פערזיכערונג, וואָס האָט א פּנים פון ביזנעס און איז אין תוך ניט מעהר און ניט בעסער ווי שנאָרעריי, ערגיין־וואָס, ערגיין־וואו, ערגיין־ווי, כאָטש א ווענדזיעגאָלער מלמדות אין איסט־בראָדוויי — און ער איז אויס אַרבייטער.

דאָסגלייכען דער באָס זיינער. אפילו ווען ער מאַכט טויזענדער אין זיין פאַבריק, און מאַכט זיי לייכט און זיינע פּערדיענסטען זיינען גרויס, האָט ער ניט קיין צובונד צו זיין פאַך, צו זיין פאַבריק. לאָז ער, אין מיטען צעהלען רענדלעך און „גרינע רוקענס“, דערהערען א בת־קול וואָס שרייט אויס: „באַרגיינס אין ריעל עסטייט!“ און ער פאַלט ארויס דורכ’ן פּענסטער אין גאַס, אויב דער עלעווייטער קען זיך פערזאַמען א האַלבע מינוט. דער אמת איז, אז ער האָט פיינט די שניידעריי און בשעת ער רעדט כלומרשט מיט שטאָלץ וועגען זיין „פּעקטאָרי“, און זיינע „הענט“, און זיין קאַנטאָ אין באַנק, און זיין שטאָדט אין מזרח־וואַנד, מוטשעט איהם דער געדאַנק, אז אין תוך איז ער פאָרט א שניידער, א שניידער מיט א שער אין האַנד, מיט א מאָס, אפילו ווען אויך ניט אויף די אייגענע פּלייצעס, און אין זיינע אויערן קלינגט דער ליטווישער „קראַיצים ניע זמאָגוס“ — א שניידער איז קיין מענש ניט.

עס איז, דאַכט זיך, ניט נויטיג אויסצוטייטשען, אז וואו אַרבייטער זיינען אין תוך ניט קיין פּראָלעטאַריער און באָסעם ניט קיין אמת’ע פאַבריקאַנטען, איז די אָרגאַניזאַציאָנס־פּראַגע א שווערע, א פערוויקעלטע.

עטוואָס איז אין דעם פּרט נאָך דאָ וואָס צו זאָגען, אָבער דאָס קען געזאָגט ווערען שפּעטער, ביי דעם פּונקט „קאָנטראַקטאָרס“.

לאָמיר געהן ווייטער.

* * *

דער רעליגיאָנס־פּראָבלעם דאַרף דאָ נור בעריהרט ווערען אויף אזוי ווייט, ווי ער האָט א שייכות מיט שבת און זונטאַג אַרבייט און מיט דער פּראַגע פון „ליגעל־האַלידייס“, געזעצליכע ימים טובים.

איך לאָז אָן א זייט — הגם עס בעט זיך אויפ’ן פּאַפּיער דעם פאַקט, אז דער אידישער אַרבייטער בכלל האָט נאָך א סך מעהר אמונה ווי מיר, „צוקונפט“־שרייבער, און „צוקונפט“־לעזער קענען אפשר גלויבען. וואָס פאַר אונז איז אָבער איצט, דאָ, וויכטיג צו וויסען איז, אז די שבת־פּראַגע, סיי ביי די באָסעם, סיי ביי די הענט, פערפּלאָנטערט, ווען אויך ניט זעהר שטאַרק, די פערהעלטניסע אין דער נאָדעל־אינדוסטריע. סיי ביי די, סיי ביי יענע איז דאָ א גרויסער פּראצענט, וואָס אַרבייטען ניט גערן, אָדער גאָר ניט אום שבת און וויל ניט רוהען זונטאַג.

דאָס פיהרט צו גרויסע שוועריגקייטען. אָבער נאָך מעהר מאַכט אָן אינערליכע טראָבעלס די יום־טוב פּראַגע.

אָט האָבען די קלאָוקמאַכער אויסגעקעמפּפט א געוויסע צאָהל פון געזעצליכע פייערטעג. מען ארבייט ניט און מען קריגט בעצאָהלט. זעהר פיין. וואָלט אָבער דער פרומער (און מעהר ווי איין ניט־פרומער!) מאַנטעל־נייהער גיכער געהוהט אויפ'ן באָס'עס חשבון פסח איידער דעם טאָג, ווען וואַשינגטאָן איז געבאָרען געוואָרען — כאַפּט איך אָן. און אזוי ווי מיר האַלטען ביין פונקט ליגעל האַלידייס לאָמיר אויפמערקזאַם מאַכען אויף עטוואָס, וואָס האָט מיט דעם רעליגיאָנס־פּראבלעם קיין דירעקטע שייכות ניט.

א קאָנפליקט פון געפיהלען ווערט ארויסגערופען דורך די דאָזיגע „אויסגעקעמפּפטע“ ימים־טובים אין אַן אַנדער פּרט. דאָס איז אין דעם פּרט פון וואָך און שטיק אַרבייט.

פאַר די וואָך־אַרבייטער איז, כדרך־הטבע, זעהר א גוטע זאַך, ווען מען לאָזט זיי זיך אָבּרוהען א טאָג, ניט פערליערענדיג קיין ווייד־זשעס. דער היפך דערפון איז דאָס ביי די שטיק־אַרבייטער, וועלכע מען צאָהלט נור וועדליג נאָך די אַרבייט, וואָס זיי טהוען אויף און סיידען זיי זיינען גרויסע פּאַטריאָטען פון אמעריקאַ, וואָלטען זיי ליעבערסט געאַרבייט.

ווי מען זעהט, צוטהיילט די שבת און יום־טום פראַגע ביי אידען די אַרבייטער אויף אַזאַ'ן אופן, אז עס יאַוועט זיך ביי זיי א קאָנפליקט פון אינטערעסען, וועלכער, פון זיין זייט, פערשווערט אויך די אָרגאַניזירונג צווישען זיי. אָבער ווייטער.

* * *

חוץ וואָס די אַרבייטער זיינען צווישען זיך צוטהיילט לויט זייער שטעלונג צו דער אמונה, איז דאָ נאָך א וויכטיגערער שטער צום יוניאָניזמוס אין דיזען טרייד.

וואָס א יאָהר לענגער קומען אריין אַלץ מעהר און מעהר ניט־אידען אין די „אידישע“ טריידס, ווי מיר זיינען געוואוינט געוועזען זיי צו רופען.

ספּעציעל איז דאָס דער פאַל מיט די איטאַליענער, וועלכע האָבען שוין דערגרייכט א גרויסען פּראָצענט־חלק סיי ביי די מענער־שניידער, סיי ביי די דאַמען־שניידער.

ווען איך זאָל וועלען פּרובען טרעפען, וואָלט איך זאָגען, אז וועניגסטענס א פינפט־חלק פון אַלע קלאָוקמאַכער זיינען איטאַליענער. וואָס איך ווייס אָבער גאַנץ זיכער איז, אז ביי די בלוזען־ און קליידער־פאַבריקאַנטען אַרבייטען פולע 23 פּראָצענט איטאַליענישע ווייסט און דרעסמייקערס.

היינטיגע צייטען איז שוין כמעט ניט מעגליך צו רעדען אידיש ביי אַן עקזעקוטיוו־מיטינג פון א גרויסע יוניאָן און וואָס פאַר א מיש־מאַש עס קומט אָפט ארויס פון אידישע און איטאַליענישע אַרבייטער, וואָס רעדען זיך צונויף ווי עס איז אויף א לשון, וועלכער איז קיין מאַמע־לשון ניט, ניט ביי די, ניט ביי יענע, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען.

וואָלט עס לכל הפחות דערביי בלייבען. איז אָבער די צרה, וואָס לכתחילה זיינען די איטאַליענער אריינגעקומען אין די אידישע יוניאָנס ווי א קעסט־קינד ביי טאַטע־מאַמען, ד. ה., אייגענטליך א פרעמדער עלעמענט, מיט וועלכען מען האָט נור א שידוך געטהאָן. ביסלעכווייז ווערט דער דאָזיגער עלעמענט שטאַרקער און שטאַרקער און הויבט אָן זיך צו לאָזען פיהלען. דער איד האַלט זיך אָבער נאָך אַלץ פאַר דעם בעל־הבית פון דער אָרגאַניזאַציע און דאָס פיהרט אָט צו וואָס:

דער איטאַליענער פיהלט זיך אונטערדריקט און מאַיאָריזירט פון זיין אידישען טרייד־גענאָסע און ווי גוט ער זאָל אין דער יוניאָן ניט בעהאַנדעלט ווערען, וועט ער כסדר ביי זיך קלערען, אפילו ווען ער זאָגט עס ניט ארויס, אז ער קומט ביי דעם אידען ניט צו זיין רעכט.

דאָס קומט צוניץ דעם באָס אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע ווי עס שעדיגט די יוניאָן.

פון דעסטוועגען מעג מען דאַנקען גאָט, ווען מען האַלט שוין אזוי ווייט.

מיט דעם איטאַליענער אין דער יוניאָן איז נאָך א האַלבע צרה. ערגער איז איידער ער קומט אהין אריין. און דאָ איז א פונקט, אויף וועלכען עס וואָלט לוינען פיעל, פיעל צו רעדען, נור איצט איז ניט דערצו די צייט. בעריהרען וועלען מיר דיזען פונקט, אָבער אויבערפלעכליך.

איך האָב אויבען געזאָגט, אז וועניגסטענס א פינפט־חלק פון די אַרבייטער ביי דאַמען־קליידער זיינען איטאַליענער. וואָלט מען דאָך אפשר מיינען, אז פון די בעלי בתים זיינען אויך א סך איטאַליענער.

הויבט זיך גאָר ניט אָן.

סיידען אפשר צווישען די קליינע קאָנטראַקטאָרלעך געפינען זיך איטאַליענער און אפילו זיי האָבען געווים אידישע שותפים, אָבער צווישען די גרויסע איז גאַנץ זיכער ניטאָ אפילו צוויי פון הונדערט, אפשר ניט איינער.

איז דאָך די פראַגע: למאי נעהמען אידישע פאַבריקאַנטען ניט־אידישע אַרבייטער, דערצו נאָך איטאַליענער? דאַכט זיך דער „סטילעטאָ“ און כלומרשט'דיגע „שוואַרצע האַנד“ וואָלטען אין פלוג געדאַרפט דעם אידישען, ניט אימער זעהר כוואַטסקען, מאַנופעקטשורמאַן מאַכען אַן אימה פאַר'ן איטאַליענער!

איז אָבער דאָ א זאַך, וואָס איז טהייערער ווי דער לעבען, און דאָס איז געלד. און געלד, זעהט איהר, איז לייכטער צו מאַכען ווען מען בעשעפטיגט איטאַליענער ווי אידען, מחמת זייער „סטענדערד אָוו ליווינג“ איז נאָך ניעדריגער ווי דער אידישער, און אזוי ווי זיי זיי־

נען ניט קיין בונדיסטען אָדער גלאַט בונטאָוו־שטשיקעס פון דער היים, לאָזט מען זיי כסדר ארויסשטופּען אידישע אַרבייטער פון אידישע פאַבריקען.

מיר טהוען, נאַטירליך, דאָס איינציגע וואָס מיר קענען: מיר אָרגאַניזירען זיי. איך קען בראַווע חברים צווישען זיי.

* * *

אויף דעם געשלעכטס־פּראָבלעם וועט ניט נויטיג זיין זיך אָבצושטעלען זעהר לאַנג.

אויסדריקען דריקט זיך אויס די זאַך אין דעם, וואָס אין דער נאָדעל־אינדוסטריע איז די פרוי א געפעהרליכער קאָנקורענט פאַר'ן מאַן.

דער פּועל־יוצא דערפון איז, אז ביי די דאַ־מען־שניידער, מעהר ווי אומעטום ביי די ווייסט און דרעסמאַכער, ווערען די פרויען עקספּלאָאַ־טירט פאַר קלענערע שכירות און אָפט בעסערע אַרבייט געגען די מענער. ווייבער און דער־הויפּט מיידלעך העלפען ממש בידים אַרונטער־שניידען דעם אַרבייטס־לוין פון זייערע ברי־דער און זיהן און פלימעניקעס, אָפט זאָגאַר פון פאָטערס, אַרבייטענדיג פאַר שפּאָט־ווייזישעס.

די תרופה דערצו איז, פערשטעהט זיך, די־זעלביגע ווי די, וואָס ס'ווערט אָנגעווענדט ביי די איטאַליענער: מען אָרגאַניזירט זיי. איז דאָ אָבער פאַראַן א שוועריגקייט, וואָס ביי יענע איז ניטאָ.

דער מאַנסביל־אַרבייטער, אפילו מיט דער אידישער פּסיכאָלאָגיע, ארום וועלכע עס איז פריהער גערעדט געוואָרען, איז נאָך אַלעמען אן אַרבייטער. צי ער וויל, צי ניט; צי ער וואַרפט אָפט אָדער זעלטען אן אויג אויף די גראָסערי־סטאָרקע „אַראונד די קאָרנער“, פיהלט ער פון דעסטוועגען ביי זיך, אז ער וועט מסתמא שוין בלייבען א לוין־שקלאַף.

אזוי פיהלענדיג, פערשטעהט ער בעסער און לייכטער דעם ווערטה פון אָרגאַניזאַציע. ער טרעט דערפאַר גיכער צו צו דער יוניאָן און בלייבט לענגער אין איהר א מיטגליעד.

אַנדערס איז עס מיט דער פרוי.

מכח די עלטערע איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען. זי איז אין טרייד אויסנאַהמסווייז, צייטווייליג, סיידען זי איז די באַלעבאָסטע. די מיידלעך זיינען אָבער אין שאַפּ נור ביז זיי גע־העען אין א מזל'דיגע שעה צו דער חופּה.

אלס צייטוויילינע, „טעמפּאָרערי“ הענט, ווערען זיי לייכט עקספּלואַטירט און זעהר, זעהר שווער אָרגאַניזירט.

איז אָבער דאָ זייערע, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַדען, ביי די מאַנטעלעך און די סקווירטס א שטיקלעך אַכט ביז צעהן טויזענד; קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פאַר א שטערענדער עלעמענט זיי זיינען אין דער רע־גולירונג פון דעם פאַך.

* * *

נאָך א גרעסערער שטער דערצו איז די אונאויפהערליכע איינוואַנדערונג.

עלטערע גענאָסען, די סטאַראָזשילעס, א שטייגער, אין דער בעוועגונג, געדענקען נאָך די צייט, ווען קיינער — בין שהוא בן־ברית, בין שאינו בן־ברית — האָט, רעדענדיג צווישען אייגענע מענשען, ניט ארויסגעבראַכט פון מויל דעם וואָרט קלאָוק־מאַכער יוניאָן אָהן א שמיי־כעל אויף די ליפּען.

קלאָוק־מאַכער סטרייקס פלעגען קומען ווי זומער־קראַנקהייטען ביי קינדער — אָרעמע, פערשטעהט זיך, — און אָרגאַניזאַציעס ביי זיי פלעגען ארויסשפּראָצען אָהן מיה, ווי שוועמלאַך פון דער ערד. מיט דער רעגולאַריטעט פון יעהרליכע תשעה באָב'ס פלעגען גערופען ווערען סטרייקס, פלעגען געגרינדעט ווערען יוניאָנס בעת מעשה, פלעגען געשריעבען ווערען אַגרי־מענטס, פלעגען געפייערט ווערען זיעגע, פלע־גען איינפאַלען אין צייט פון דריי חדשים, סיי די יוניאָנס, סיי זערע בנינים, סיי זייערע שטאָלץ אויפגעפלאַנצטע פאָהנען. דאַן פלעגט קומען דער נייער יאָהר און דער עסק האָט זיך וויע־דערהאָלט מיט דער אויבענדערמאָהנטער רעגו־לאַריטעט פון אונזער יעהרליכען קלאָג אויפ'ן הורבן.

וואָס קען דאָס זיין?

מען האָט זעלטען ווען בעטראַכט די אי־מיגראַציע אין איהר פולען זין און פון אַלע זיי־טען. וויסענשאַפטליך איז דאָס אפשר (און דאָס אויך ניט פאָלקאָמען) ניט געטהאָן געוואָ־רען ביז עס איז ערשיענען דאָס בוך פון דעם מאַן, ארום וועלכען אַלע רעדען איצט טאַקע אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאָוקמאַכערס — פון יצחק אייזיק הורוויטש.

אין קורצע עטליכע ווערטער אויסגעדריקט, הייסט דאָס פשוט אזוי:

צעהנדליג־טויזענדוויז קומען אַריבער אַהער, יאָהר־איין יאָהר־אויס, אינגערע און עלטערע מענשען פון רוסלאַנד, פוילען און רו־מעניען. גאַליציען רעכען איך אריין אין פוילען.

זיי אַלע, קומענדיג אַהער, דאַרפען אַר־בייט אום צו לעבען. אז א פרישע איי מעג דאָ קאָסטען 6 סענט, 12 קאָפּיקעס, 24 גראָשען, כמעט א גאַנצען גילדען, ווייסען זיי נאָך ניט. פאַר זיי, נעמליך, איז גענוג צו וויסען דעם פּרייז פון הערינג און צוגעברענטע לעבלעך ברויט.

וואָס זיי ווייסען אָבער יע איז, אז פינף דאָלאַר א וואָך — 10 קאַרבען, 66 גילדען מיט א „באַרלינקע“ מיט עפּעס, פאַר וואָס מען קען קויפען אין דער היים אַלץ אין דער וועלט, פון א חשוב'ע קוה ביז חתן בראשית — אז דאָס קען מען דאָ פערדיענען, אַרבייטענדיג קנאַפּע 13 שעה א טאָג ביי מאַנטעלאַך און בלוזקעס.

וואָלט מען נור געמעגט שפּייען אויף דר־ערד איז דאָך דאָס א גאָלדענע מדינה.

און איידער זיי האָבען אויסגעפונען דעם פּרייז פון פרישע אייער, וואָס היימישע היהנער לעגען כמעט בחנם, און איידער זיי האָבען זיך אויסגעגרינט, האָבען זיי שוין אריינגעלעגט אין דער אדמה דעם גאַנצען טרייד.

און וואָס איז שייך צו די יוניאָנס? בדרך הטבע זיי האָט יעדער שיף געבראַכט א נייעם שטאָף אין זייט, ביז פון זיי איז פאַר דעם יאָהר דערוויל קיין זאַך ניט געבליעבען חוץ דער נאָמען.

אזא פּראָבלעם האָבען ניט פאַר זיך אַנ־דערע אַרבייטער, הגם די איינוואַנדערונג מערקט זיך ביי זיי אויך.

און דאָ וועט זיין בעקוועם צו זאָגען א וואָרט וועגען די קאָנטראַקטאָרס.

* * *

די איינוואַנדערער זיינען, פערשטעהט זיך, ניט אַלע מענשען מיט ליידיגע הענט. א טהייל — א קליינער, אָבער אַלץ א טהייל — פון די אימיגראַנטען ברענגען מיט עטליכע רובעל וואָס מיט זיי קען מען אָנהויבען צו טאָן ביזנעס. מחשבות'ן: דער סאָרט אידען ווייס דעם וואָרט ביזנעס נאָך אין יאַגוסטאָוואָ. אָבער דאָס איז ניט אהין, ניט אהער. וואָס איך בין אויסען איז פאָלגענדעס:

עס קומען אהער אידען מיט געלד. צו זיי שטעהט צו א דעזיינער, א צושניידער, א סיילס־מאַן, ווי אמאָל. (דאָס, אגב אורחא, פּאַסירט צייטענווייז מיט אן ארבייטער, וואָס האָט זיך ארויפגעארבייט אויך.)

מיט פעראייניגטע קרעפטען „פּיקסט" מען איין א „שאָפּ". וויל מען אויסזעהן לייטיש, צאַמט מען אָב א קרן־זוית ביין טיר, צוואַנציג טפחים אין דער ברייט און דרייסיג אין דער לענג — ניט אין דער ערך גרעסער ווי א ליט־ווישער קאָטוך, — דאָרטען לאָזט מען אריינ־שטעלען א טעלעפאָן מיט א דעסק, מיט א הויכען שטול דערביי און עס איז שוין דאָ אן אָפּיס אויך.

היינט דארף מען קונדען. זיינען דאָ „באַיירס" (איינקויפער), געהען זיי אָבער ניט צו די קליינע מאַנופעקטשורלייט. קנאַפּ לויפען נאָך זיי די גרויסע:

הויבט מען אָן צו ארבייטען פאַר די דאָ־זיגע גרויסע אַלס קאָנטראַקטאָרס; הויבט מען אָן צו ארבייטען בחצי חנם און... וואָס פערשטעהט איהר ניט? פון די „וואַרעס" קען מען ניט אראָבּרייסען, דעם לענדלאָרד מוז מען צאָהלען דעם ערסטען א חדש פאָראויס, פון זיך קען מען אָבּרייסען, אָבער ניט פּיעל.

נעהמט מען זיך צו די גרינע. העלפט גאָט, איז דאָ פלייש אויפ'ן טיש און שמאַלץ אויפ'ן פּאָליצע און פעדערן פאַר די פערינעס. א גרי־נער איז א גוטע גאַנז, ניט געשטאָפּטערהייט. שטאָפּען—שטאָפּט מען אן ענדיק.

און די סחורה געהט אין די הויכע פענ־סטער אריין. ווי אזוי? אָט הערט:

די גרויסע באָסעס זיינען ניט קיין בעלנים אויף טראָבעל, מחמת א סטרייק, אפילו א גע־וואונענער, איז א גרויסער שטער צו ביזנעס.

קען מען אויסמיידען סטרייקס אָהן יו־ניאָן־ארבייטער איז אודאי גוט; קען מען ניט, שרייבט מען אונטער אַגרימענטס מיט וועמען איהר ווילט אַליין, קויפט מען זיך איין אין א חברה וואָס האָט אן אָבמאַך — א „פּראָטאָקאָל" — מיט דער יוניאָן און מען לעבט בשלום ושלוה.

איי די שכירות? עס איז דאָך עפּעס דאָ א יוניאָנטאַג מיט יוניאָנשטונדען, יוניאָנפּריי־זען פאַר א גארמענט, אָדער טהיילען פון א גארמענט, ביז די סאַמע קנאָפּלעכער?

זיינען דערצו דאָ צוויי פאָרטלען. איינער איז דער גוטער אַלטער מיטעל פון שניידען וויידזשעס וואו מען קען. און שניידען שניידט מען טאַקע ביי יוניאָנלייט, ביי אזעלכע, וואָס מאַכען יד־אחת מיט'ן באָס אָבצונאַרען די יוניאָן. „אזוינע אידען זיינען מקבל באהבה — דאָס מאַכט דעם דזשאָב סטעדי!" — 12 דאָ־לאַר אין א 24 דאָלארדיגען פּיי־ענוועלאָפּ; אניט נעהמען זיי די גאַנצע שכירות און קעהרען אום א העלפט צוריק. נאָך א מיטעל איז דאָ צו מולירען די יוניאָן, לאָזענדיג שניידען די פּרייזען אויף שטיק־ארבייט, און אזוי ווייטער.

דאָס איז איין וועג ווי אזוי צו זיין א באָס מיט א יוניאָנשאָפּ און צו מאַכען א לעבען. דאָס קומט אויס אויף יענעמ'ס רייד: „רוצחים! א האַלבען דאָלאַר פאַר א דינער! מען איז אין זייערע הענד. אָבער וואָס טוט גאָט? גנב'ע איך צו א פּאָאָר זילבערנע לעפעל . . ."

און דאָ ווייס נאָך דער בעל דבר פון דער גנבה, נאַררען — נאַרט מען סך הכל נור די יוניאָן.

דער צווייטער מיטעל איז אָבער נאָך א בעסערער. מען טוט אזוי:

א „יוניאָן־שאָפּ" איז מען. יוניאָן־וויי־דזשעס צאָהלט מען. אין די ענוועלאָפּס געהט אריין די גאַנצע שכירות. אַלץ כדבעי! אלא וואָס דען? מען איז מבחין בין סחורה לסחורה.

יוניאָן־פּרייזען קען מען זיך ערלויבען צו צאָהלען פאַר א גוטען גארמענט, וואו דער מאַ־טעריאַל, די „וואַרע" אַליין, קאָסט פּיעל, און מען נעהמט א גרויסען מקח און דערפאַר מאַכט ניט אויס, אז „לייבאָר" קאָסט א האָרעלע מעהר. לאָזען מענשען לעבען: מ'איז דאָך עפּעס א יוניאָנשאָפּ.

דעם פּראָסטען גארמענט — איז אזוי: ווילען די מענשען האָבען אן איינזעהענים און

אַ ביסעלע פערקנייטשען די יוניאָן זאַקאָנעס, בלייבט די ארבייט אין שאַפּ; ווילען זיי ניט, איז ווי זיי ווילען זיך, געהט דער אָרדער צום קאָנטראַקטאָר. אַ פּירוש איז, דאַכט זיך, דאָ ניט נויטיג.

* * *

דאָס איז איינער פון די שווערסטע פּראָבלעמען אין דעם טרייד, אָבער נור איינער פון זיי.

אָט איז אַנאַנדערער; איהם ווילען מיר בעטראַכטען צוזאַמען מיט דעם סטייל־פּראָבלעם.

אין קיין פאַך, אפילו ניט אין דעם שניידער־פאַך, חוץ ביי פרויענקליידער, איז ניטאָ אַזאַ מכה. סטיילס בייטען זיך כסדר, סאַי אין דאָס וואָס מען טראָגט, סאַי אין ווי מען טראָגט עס. מיט אַנדערע ווערטער: די מאָדע בעציעהט זיך ניט בלויז צום שניט, צום „דעזיין“, נור אויך צו די וואַרע. היינט קען זיין סאַמעט, מאָרגען טוך. איבערמאָרגען זיידענציייג אין אַ וואָך שפּעטער פּסח׳דיגע מעהלזעק.

די סטיילס ווירקען אויף די לאַגע פון דער אינדוסטריע און אינדירעקט אויף דעם אַרבייטער׳ס לאַגע אויף פערשיעדענע אופנים. מיר ווילען אַרויסכאַפּען אַ פּאָאָר:

לעבענדיג אונטער אַן אונגעוויסהייט בנוגע צו „וואָס זיי ווילען טראָגען“, קענען די פאַבריקאַנטען ניט אָנהאַלטען אַרבייטער כסדר דורכ׳ן יאָהר. דערפון קומען די שרעקליכע סלעק צייטען פאַר׳ן אַרבייטער.

ווען דער סיזאָן איז צו־ענד און עס בלייבט איבער וואַרע, דאָס הייסט, ניט פעראַרבייטעציייג, ווערט דאָס פערקויפט מיט היזק. אבי דערפון פטור צו ווערן. דעסגלייכען מיט ניט־פערקויפטע פאַרטיגע סחורה. דער גרונד אין ביידע פעלע איז דערזעלביגער: ווער וויים „וואָס זיי ווילען טראָגען“. זיי — מאַכט רשי: די ווייבער, די שקלאַפינען פון דער דעספּאָטישער מאָדע, וואָס טראָגען היינט אַ קרינאָלין צוויי יאַרד אין דיאַמעטער און מאָרגען אַ האָבעל־סקוירט, אויסזעהענדיג ווי געפּענטעווטע אַרעסטאַנטען.

אָבער די אַרבייטער ליידען דערפון אין אַנאַנדער פּרט.

מיט דער ענדערונג אין די סטיילס ענדערט זיך אויך כסדר דער כאַראַקטער פון אַ שטיקעל אַרבייט: דאָס וואָס איז נעכטען, לויט נאָך דעם נעכטיגען פאַסאָן נאָך, געווען אַ גוטער פּרייז, איז שוין היינט אַ שלעכטער, ווייל דיזעלביגע שטיקעל אַרבייט פערלאַנגט שוין מעהר צייט, מעהר אָנשטרענגונג.

דער פּועל יוצא דערפון איז, וואָס מען מוז זיך אייביג דינגען מיט׳ן בעל־הבית; זיך דינגען ווי אין ווילנער גלעזער גאַס אין אַ קליינע קרעמעל.

דערביי דאַרף מען אָבער ניט פערגעסען, אַז לעת עתה איז דער אַרבייטער נאָך ניט ביכולת זיך צו דינגען מיט׳ן פאַבריקאַנט, ווי דער קונה אין גלעזער־גאַס, מחמת ער איז דער שוואַכערער צד און קען ניט געהן אין אַנאַנדער קרעמעל, וואו מען וועט איהם בעסער בעהאַנדלען. ביין דינגען זיך קומט זעלטען ווען ארויס דער אַרבייטער דער געווינער.

און עס פערשטעהט זיך, אַז אונטער אַזוינע אומשטענדען קען ניט זיין קיין פעסטער פּרייז אויף אַרבייט, קען דער אַרבייטער אפילו ניט וויסען וואָס צו פערלאַנגען. אַ קנייטש מעהר אָדער וועניגער, אַ נייער שניט קען מאַכען, אַז איין אַרבייטער אין איין שאַפּ זאָל ביין זעלביגען גאַרמענט פערדיענען וועניגער ביי 80 סענט ווי זיין פריינד אַנדערסוואו ביי 60.

און, לאָמיר זיין גערעכט, דעם באָס איז אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין אין אַ טרייד וואו דער מענש דענקט און די מאָדע לענקט.

גיבען זיך קלוגע קעפּ אַן עצה און דאָס ברענגט אונז צום דזשאָבער־פּראָבלעם.

יע, צום דזשאָבער־פּראָבלעם . . . אָבער דער פּראָבלעם איז אַ פערצווייגטער און אַ שווערער. ער וועט זיך ניט לאָזען אָב׳פּטר׳ן מיט אַ קורצער נאָטיץ, און אַ לענגערע וועט אין די ראַמקע פון דיעזען אַרטיקעל ניט אַריינגעהען.

מיר ווילען זיך מוזען בענוגענען מיט דער בעמערקונג, אַז עס זיינען דאָ רעספּעקטאַבלע בעלי בתים מיט אָפיסעס אויף „דער עווענױ“, וואָס דער ביזנעס דירעקטאָרי רופט זיי „פאַבריקאַנטען“ פון קלאָוקס און סקוירטס און סוטס, וואָס זעהען קיינמאָל אַן אַרבייטער ניט אָן און האָבען שוין לאַנג ניט קיין אינטימע בעקאַנטשאַפט מיט דער נאָדעל און מיט דער שער...

זיי מאַכען גרויסע געשעפטען, האָבענדיג ניט מעהר ווי אַן אָפיס און אַ „שאָו־רום“. קיינער וויים ניט ווי און וואו און ווען זייערע אַרבייט ווערט געמאַכט, און קיין יוניאָן קען זיי ניט קאָנטראָלירען.

דאָס וועט פאָרלויפיג זיין גענוג.

* * *

דיעזע אַלע פּראָבלעמען און נאָך שעהנע עטליכע, וועלכע מיר וועט נאָך אויסקומען צו בעשפּרעכען, דאַרף מען קלאָר פערשטעהן כדי צו קענען אורטהיילען מכח דעם פּראָטאָקאָל און די הורוויטש־פראַגע, וואָס איז דערמיט פערבינדען געוואָרען.

ניו־יאָרק, 18טען יאַנואַר, 1914.

יונה ראָזענפעלד

א פערשטערטער שבת

(בילד)

עוואן איז א שטיל געמיטליכער שבת'דיגער פריה־מאָרגען; זור־מער! דאָס קליינע שטעדטעל איז מיט זונען־שיין געוואן בע־גאָסען און געבליאַסקעט האָבען פרעהליך די אידיישע פענסטער, פון וואנעט עס האָט זיך געלאָזט הערען פערשיעדענע פרעהליכע טענער. דאָ האָט מען מעביר געווען די סדרה, דאָרטען געזאָגט מיט א קנאַקענדיגען ניגון שיר השירים. דאָ האָט מען הערצליך געזאָגט תהלים און דאָרטען האָט זיך איינער געציקעלט איבער א גמרא און געשפּירט האָט זיך א גע־מיטליך־גאָט'ס־פּארכטיגע שבת'דיגע פרעהליכ־קייט. ניין, גאָרניט קיין גאָט'ס־פּארכטיגע, נאָר א ליעבע פרעהליכקייט. אידען האָבען מעהר ליעב גאָט ווי זיי האָבען פּאַר איהם מורא. אוּ־מעדום האָט זיך די ליעבע געשפּירט: אין דער לופט, אין די שטיבער און אויף מענשען. אויף אַלעמען און אויף אַלעם איז צוגאָסען געווען א פּריצישע רוהיגקייט, א שטילע געלאַסענ־הייט. אָט געהט א איד, א פּראָסטער איד אין שטיוועל, פּאָראוים געהט דאָס פערד זיינס, וועלכעס ער פיהרט צום וואסער. ביידע זיינען זיך געגאַנגען רוהיג, פּאַמעליך און שטיל, טריט ביי טריט. אויף אינ'ם פערד'ס גאַנג האָט זיך דער שבת געשפּירט. עס האָט צייט דאָס פערד, ס'געהט זיך הכנעה'דיג מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ. קיין חידוש: געוואוינט פון דער שוו־רער אַרבייט . . . און דאָרטען, אין מיט'ן מאַרק, נעבען א שטוב מיט א שטרויענעם דאַך און מיט לייהם פערטינקעווטע, איינגעהויקער־טע, איז געשטאַנען א קאַלעגאַ זיינס, דעם פערד'ס, וואָס איז דאָרטען צום וואסער גע־פיהרט געוואָרען, און געהאַלטען דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט אין דער אָפענער טיר און אַריינגעקוקט צו זיין בעל־הבית אין שטוב אַריין און פּאַמעליכקע צוגעשאָקעלט מיט'ן ווידעל. דאָ און דאָרטען זיינען געזעסען ווייבער אויף די בריקלעך, פערפּוצט, ווער מיט א פּאַריק און ווער מיט א ווייס אויבער־טיכעל און גע־רעדט צווישען זיך געלאַסען און שטיל. מייד־לעך זיינען אין די שטיבער ביי שפּיגלען גע־שטאַנען און זיך געמאַכט דעם טואַלעט. קליינע

אינגלאַך און מיידלעך האָבען זיך מיט שטיק־לעך חלה אין די הענד אינדרויסען ארומגע־דרעהט און געשטיפּט. פון צייט צו צייט איז איילענדיג כמעט ווי אדורך־געלאָפען א פער־שפּעטיגטער איד מיט נאַסע פּאות פון וואסער, זיך בעגעגענט מיט א צווייטען אידען און זיך אָפּגעגעבען „גוט־שבת". אייניגע האָבען זיך ארומגעשפּאַצירט מיט פערלייגטע הענד ארונ־טער, קענטיג האָבען שוין אַלעס אָפּגעזאָגט און געוואָרט אויפ'ן דאַוונען. איינער א איד, אויך מיט פערלייגטע הענד אויף הינטען, האָט בע־טראַכט די גאָרטענער. ער האָט אויך א גאָר־טען ביי זיין שטוב — האָט ער געוואָלט זעהען ווי עס וואַקסט ביי אַנדערע און אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט האָט ער זיך אַן יעדען פּליוט, אונטערברומקענדיג א ליעדעל אונטער דער נאָז, איז געשטאַנען א פּאָאָר מינוט און אוועק ווייטער.

ענדליך האָבען זיך אייניציג־ווייז פון אַלע זייטען אידען אין טליתים בעוויזען, אייניגע מיט אַרויסגעוואָרפענע פּאָלטעס פון אויבען,— און אַרויסגעקוקט האָט פון אונטען ביי די פּיס שטיקער טליתים און יענע אידען, וואָס האָבען קליינע אינגלעך געהאַט נאָך ניט קיין בר מצוות, האָבען זיי די אינגלעך נאָכגעטראָגען די טליתים אונטער די הענד פרעהליך אונטערשפּרינגענדיג. אייניגע זיינען אומיסטען אָבגעשטאַנען, כדי זיי זאָלען דערנאָך דאַרפען אונטערלויפען צו דעריאָגען די טאַטעס. עס זיינען אויך געגאַנגען ווייבער, אָם מייסטען עלטערע מיט ווייסע באַ־טיסטענע פּאַטשיילעס אויף די קעפּ, און זיי האָבען נאָכגעטראָגען גראָבע סדורים קליינע מיידעלעך אין שבת'דיגע קליידעלעך.

אין איין שול, אין דער אַלטער, האָט זיך שוין געלאָזט הערען דורך די אָפענע, מיט פּאָר־האַנגעלעך פערהאַנגענע, פענסטער דער פרעה־ליך וועקענדער „אדרת ואמונה" און אין דער נייער שול זיינען שוין אויך אַלע אידען אין די טליתים געשטאַנען, יעדער אויף זיין אָרט, נע־בען זיין שטענדער, און מ'האָט זיך שוין אויך געזאָלט שטעלען דאַוונען — נור פּלוצים האָט זיך אדורך־געטראָגען, דורכ'ן מאַרק, א שרעקלי־כע יללה און אין איין אויגענבליק זיינען ביידע שוהלען אויסגעליידיגט געוואָרען און לויפענ־

דיג האָבען אַלע אויף די דעכער געקוקט, געפרעגט: „וואו ברענט?“ נאָר געברענט האָט אין ערגעץ ניט. אַן אַנדער אומגליק איז געשעהן: מאָנעס שרה־לאה׳ס איז איינגעפאַלען און אָט לויפט אָט די שרה־לאה מיט דער שנוה, מיט מאָנעס׳עס ווייב, און פּאַכען מיט די הענד, האַקען זיך אין די קעפּ אריין. איינע שרייט: „מיין מאַן!“ די צווייטע: „מיין זוהן!“—קענטיג, אַז מיט׳ן מאַן און מיט׳ן זוהן האָט עפּעס שרעקליכעס געטראָפען. נור קיינער האָט זיי, די לויפענדע צוויי ווייבער, ניט אָבגעשטעלט, האָט זיי ניט געפרעגט, וואָס דאָרטען איז געשעהן, נור אַוועקגעלאָפען איז מען גלייך אַהין, און אין איין אויגענבליק איז שוין דאָרטען א פולע שטוב מיט אידען אין טליתים און אָהן טליתים געווען, און אין די צושראָקען צומישטע פּנים׳ער איז געווען צו דערקענען, אַז דאָרטען האָט עפּעס זעהר ערנסטעס געטראָפען. ווייבער האָבען זיך געבראָכען די הענד און אידען האָבען עפּעס געליאַרעמט, געלאָפען פון איין צימער אין צווייטען, איינער האָט דעם צווייטען אויף די ציצית, וואָס האָבען זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד, אָנגעטראָטען, און דאָס צימער וואו דער איינגעפאַלענער האָט זיך געפונען איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענשען, וועלכע האָבען גאָרניט געטהאָן, נור זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי טהוען עפּעס יאָ, ווייל אַלע האָבען זיך בעוועגט, אַלע האָבען געליאַרעמט, זיך געהיצט און געפּרעסט געוואָרען אין דער איינגשאַפּט, און אין דעם גערויש האָט א בעזונדער אָרט פערנומען דעם איינגעפאַלענעמ׳ס שטיל שווייגען. דאָס שווייגען האָט זיך אין דעם רעש און געפילדער שטאַרק געגעבען צו שפּירען און אין דעם אליין האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס ליאַרעמען איז שוין גאָר ניט אומזיסט, אַז דאָ האָט שוין געטראָפען מיט איהם עטוואָס אַזעלכעס, וואָס ער קען ניט שרייען און די שרייענדיגע קענען ניט שווייגען, און געדיכטער, שווערער איז דער איינדרוק געוואָרען דערפון, וואָס אידען האָבען זיך דאָרטען אין די טליתים ארומגעדרעהט און ווייבער, שבת׳דיגע ווייבער, האָבען אום שבת די הענד געבראָכען...

אין עס־שטוב איז פון שבת׳דיגען טיש א חורבה געוואָרען: צוויי לייכטער זיינען געלעגען איבערגעקעהרט, דריי זיינען געשטאַנען. אין איין זייט איז דאָס טישטוך געווען אראָפּגעשלעפּט און פון א צווייטער זייט האָט ארויסגעקוקט א הוילער שטיק טיש. איין חלה איז געווען צוגעדעקט, די צווייטע אָפּגעדעקט און ארומגעדרעהט האָבען זיך דאָ דריי שבת׳דיג־פערפּוצטע קינדער, איינס קלענער פאַר דעם אנדערן, געוויינט, געקוקט אַהין, אין דער מיט מענשען פערשטאָפּטער טיר, געקוקט אַהין און ניט געוואוסט, וואָס דאָרטען טהוט זיך; נור אָט האָבען זיך אריינגעיאָגט די צוויי ווייבער, וועלכע זיינען פריהער מיט קולות איבער׳ן מאַרק געלאָפען, מיט זיי — דער פעלדשער, וועלכער האָט באַלד ווי ער איז נור אריינגעקומען, אָנגעהויבען ארויסצוטרייבען די אידען מיט די ווייבער. געבליבען זיינען נור די אייגענע. די ארויסגעטריבענע האָבען פון אַלע זייטען די פענסטער בעלאַגערט, און מאָדנע האָט אויסגעזעהען אָט די אומעטיג־רוישענדע מאַסע אין די שבת׳דיגע קליידער, וואָס האָט נאָך מעהר ערנסט צוגעגעבען דעם גאַנצען טומעל.

אין עטליכע מינוט ארום איז פון דאָרטען ארויסגעלאָפען א יונגער מאַן, מאָנעס׳עס א שוואָגער, א פערפּאַליעוועטער, א פערשוויצטער, א צוטראָגענער, מיט אן עמער אין האַנד. נאָכגעשריען האָט א איד, אויך א פערפּאַליעוועטער און א פערשוויצטער, אויך אן אייגענער: „לויף געשווינד, אויף איין פוס!“ אין א פּאָאר מינוט ארום איז ארויסגעלאָפען א צווייטער יונגערמאַן, דאָס גאַנצע פּנים איין שטיק פייער, און אויך דעם לעצטען האָט עמיצער נאָכגעשריען: „לויף כהרף עין! ער זאָל שוין שפּאַנען און פאָהרען!“ דער ערשטער יונגערמאַן האָט זיך אין א צעהן מינוט ארום געוויזען מיט אן עמער אייז, וועלכער האָט זיך געשמאָלצען אנטקעגען דער ברענענדיגער זון, און שפּעטער האָט זיך פון יאַקעל פּאָטשטאַר׳ס טויער, וואוהין עס איז כהרף עין דער צווייטער יונגערמאַן אַוועקגעלאָפען, א קלונג דערהערט און צוטראָגען האָט זיך דער קלאַנג, ווי א בייזע פינסטערע בשורה, איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל. פערשטאַנען האָט מען, אַז זעהר שלעכט האַלט עס שוין דאָרטען, אַז מען פאָהרט שבת נאָך א דאָקטאָר. און א פערדרוסיגער אומעט האָט אַלעמענס הערצער דורכגענומען. ווילענדיג ניט ווילענדיג איז דאָס גאַנצע שטעדטעל, אפילו ווילד־פרעמדע, עפּעס פערקלעמט געוואָרען אונטער א שווער־דריקענדער שטימונג.

ביי יאַקעל דעם פּאָטשטאַר האָט זיך ברייט דער גרויסער טויער צועפענט און ארויסגעשאָסען איז פון דאָרטען א פּאָאר געזונדע, ווי לייבען, פערד, איינגעשפּאַנט אין א בריטשקע, אין וועלכער עס איז געזעסען דער יונגערמאַן, וואָס איז פריהער געלאָפען הייסען שפּאַנען, און געשטאַנען און אָנגעשמיסען האָט קלים, דער יאַמשטשיק, און געטראָגען האָבען זיך די פערד ווי א וויכער, געפלויגען פייל פון בויגען, און די גלייך אונטערגעשווירענע גריוועס האָבען מורא׳דיג געפלאַטערט אין דער לופטען, און געקלונגען האָבען שרייענדיג די גלעקער, ווי זיי וואָלטען גערופען, געשריען, די פערד געטריעבען זיי זאָלען גיכער לויפען. אן אימה איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלען, געפיהלט האָט מען, אַז דאָ האָט עפּעס מיט מאָנעס׳ן געטראָפען אַזעלכעס, וואָס וועט זיך שוין גלאַטיג ניט

ענדיגען. די פּערד זיינען שטעהן געבליבען נעבען מאָנעס'עס שטוב, אַראָבגעשפּרונגען איז דער יונגערמאַן, איז אריינגעלאָפען אין שטוב, איז אין א פּאָאר מינוט ארויסגעלאָפען מיט מאָנעס'עס ווייבעל — א רויט פערשוואָלען פּנים — און ביידע האָבען זיך פלינק אויפגעזעצט אויבען־אָן, א שמיץ האָט יאקים די פּערד געגעבען און אוועקגעפלויגען איז דאָס פרומע ווייבעל, מיט'ן פּאַריקעל אויפ'ן קאָפּ, אום שבת. בעגלייט האָבען דעם אידישען פרומען יונגענמאַן און דאָס פרומע ווייבעל הונדערטער אידישע רחמנות'דיגע אויגען, און גענאָגט האָט אַלעמען אויף די הערצער א שטיל־פיינליכער וועהטאָג, און געבליבען איז נאָך זייער אוועקפאָהרען הענגען אין דער לופט עטוואָס געהיימליכעס, אומרוהיגעס און דרינגענדעס... אייניגע גאַנץ פרומע האָבען ביי זיך שטיל פערדרוסיג געטראַכט: „נאָך וואָס אין צווייען? ווען עס פאָהרט איינער, וואָלט דאָך אויך גענוג געוועזן...“

געשטערט איז געוואָרען דער שבת: גערעשט האָט זיך ארום מאָנעס'עס שטוב, אויף איין אָרט, אויף איין פּונקט. ווייטער איז ארום און ארום שטיל געווען, אומעדיג שטיל. געפיהלט האָבען אַלע א בעהאַלטענע שטילע בעליידיגונג דערפון, וואָס צוויי אידישע קינדער זיינען אום שבת אוועקגעפאָהרען. פערקלעמט און ווי פער'כשוף'ט זיינען אַלע געבליבען אונטערן שווערען איינדרוק... יעדען איינציגען פרומען אידען האָט זיך עפּעס נעבעלדיג געדאַכט, אז ער האָט ניט וויסענדיג ווי אזוי און וואָס מחלל שבת געווען... דער חלול שבת האָט זיך שוין צו שטאַרק געשפּירט, אין דער לופט האָט ער זיך געשפּירט. עפּעס איז שויר צו וואָכעדיג אַלעס געוואָרען, מען זאָל פיהלען די הייליגקייט זיינע... אוועק איז פונ'ם שבת די רוחניות, פערטריבען געוואָרען ווי דורך א קליפּה רחמנא לצלן... געבליבען איז עפּעס מגושם'דיגעס — די טשאָלענטען, פערשמירטע אונטער די ברעטלאך...

ווי ס'ניט איז האָבען זיך צונויפגעקליבען, אין ביידע מדרשים, עטליכע מנינים אידען, און געדאַווענט האָט מען שטיל פרום, אָבער ניט מיט דער שבת'דיגער פרעהליכקייט. פיעל אידען, וואָס זיינען אָנגעקומען שפּעטער, האָבען געדאַווענט ביחידות, אייניגע זיינען שוין גאָר אין גאַנצען אין שול אריין ניט געגאַנגען, האָבען געדאַווענט אין דער היים, איינער פריהער, איינער שפּעטער, און געפיהלט האָט זיך א מאָדנע צוריסענהייט, געשטערט איז געוואָרען די שבת'דיגע אייניגקייט, שוין עפּעס גאָר להבדיל ווי אין דער וואָכען: איינער האָט געגעסען פריהער, איינער שפּעטער און יענע אידען, וואָס האָבען זיך אין דרויסען ארומגעדרעהט, האָט מען שוין גאָר ניט געוואוסט וואו זיי האַלטען: פאַר'ן דאַווענען אָדער נאָכ'ן עסען. שווער איז שוין געווען צו דערקענען וואָס פאַר א טאָג עס איז היינט. דער טאָג איז שוין גאָר אויף קיינע טעג פון א גאַנץ יאָהר ניט ענליך געווען...

ענדליך, נאָך לאַנג אונגעדולדיגער ערוואַרטונג, האָבען זיך ווידער די פּאָסט־גלעקער דערהערט. די שטיבער זיינען ווידער ליידיג געוואָרען, עפּעס א מאָדנער פיינליך־שפּאַנענדער אינטערעס נאָך אַמאָל צו זעהען ווי אידישע קינדער פאָהרען אום שבת האָט אַלעמען געטריבען אין גאַס אריין. מען איז געלאָפען, ווי אויף א בייז־וואונדער און געדאַכט האָט זיך, אַז עפּעס א געהיימער, בייזער שטן האָט זיך אין שטילרוהיג שבת'דיגען שטעדטעל אריינגעכאַפּט און האָט א פינסטערע בהלה אָנגעמאַכט. און א שטימונג איז שוין געווען אזעלכע, אז יעדער איד וואָלט אהן שוועריגקייטען געקענט מחלל שבת זיין, און פיעל, זעהר פיעל אידען זיינען טאַקע געשטרויכעלט געוואָרען: אין איילעניש פערגעסען די נאָז־טיכלעך ארויפוואַרפען אויף די העלזער; ווער שמועסט שוין פון יענע אידען, וואָס זיינען דאָרטען, ביים געפעהרליך איינגעפאַלענעם מאָנעס'ן געווען — זיי האָבען שוין גאָר פערגעסען וואו זיי זיינען אויף דער וועלט. זיי האָבען געאַרבייט מעשים, ניט ברענגענדיג דערמיט קיינע נוצען דעם קראַנקען. עס איז אויסגעקומען, אז ווייל שבת האָט זיך שוין דאָרטען אַזאַ חשכת געטהאָן... מען האָט צופיעל געאַרבייט ווייל עס איז שבת... ווייל שבת טאָר מען ניט, נור ביי סכנות נפשות מעג מען... אָט האָט איינער, א פרומער איד, מאָנעס'עס אַן איבערגעגעבענער פריינד, גאָר פּלוצים א פייער צולייגט און דאָס פייער האָט גאָר קיינער ניט בעדאַרפט...

דער דאָקטאָר איז צוגעפאָהרען. אראָפּגעשפּרונגען זיינען פריהער דער יונגערמאַן מיט דער ווייבעל און פערשוואונדען געוואָרען אין שטוב. נאָך זיי איז אראָפּגעשפּרונגען דער דאָקטאָר, אַ אידישער דאָקטאָר, מיט א געגאָלטער באָרד און מיט קורץ־אונטערגעשוירענע וואָנצעס. אַלע, גרויס און קליין, וואָס זיינען אין דרויסען געשטאַנען, האָבען מיט דרך ארץ געקוקט אויף דעם אידישען פּריץ, האָבען גרויס רעספּעקט געהאַט פאַר איהם דערפאַר, וואָס מען קען צו איהם גאָרניט האָבען וואָס ער פאָהרט אום שבת...

דער דאָקטאָר האָט זיך דאָרטען זעהר לאַנג געזאַמט און ניט געוואוסט האָט מען, ווי דאָס אויסצוטייטשען — צום גוטען, אָדער צום שלעכטען. און אָבגעוואַרט האָבען שוין אויף איהם עטליכע ווייבער און א פּאָאר אידען, וואָס האָבען אין דעם שרעקליכען מאָמענט ניט פערגעסען, אָדער האָבען זיך דערמאָהנט, אז זיי האָבען עפּעס אויף חולאת'ן. אמת, קיין גע־

פעהרליכע חלאים זיינען דאָס ניט געווען, נור דאָך בעדאַרפט אויסנוצען דעם צופאַל. ניט אַלע מאָנטאג און דאָנערשטאג פאַלט אהער א דאָקטאָר אריין (הלואי מען זאָל איהם ניט דאַרפען), נור אז ער איז שוין דאָ און עס דאַרף ניט קאָסטען קיין צעהן רובעל איהם אראָבצוברענגען, אז מען קען איהם ביי זיך האָבען פאַר איין רובעל, פאַרוואָס זאָל מען עס דורכלאָזען אזאַ געלעגענהייט?

דער דאָקטאָר האָט ארויסגעטראָגען זעהר ניט קיין פרעהליכע בשורה: א געהירען אנצינדונג. אויב עס וועט איהם ביז פאַרנאַכט ניט אָבלאָזען איז דער טויט אונפערמיידליך...

* * *

די זון האָט זיך אין מערב זייט אריבערגערוקט. קיינער האָט עס ניט בעמערקט, און אז דעם קראַנקען איז אַלץ ניט בעסער געוואָרען, דאָס האָט יעדערער געוואוסט. אַוועק איז דער שבת־טאָג און געפיהלט האָט זיך עפּעס אונדייטליכעס, שווערעס און שטום־דריקענדעס... דער שבת איז צו ענדע געגאַנגען אָבער די שטימונג, וואָס האָט געהערשט א גאַנצען טאָג, איז געבליבען דיזעלבע און דערפאַר האָט זיך געדאכט, אז די צייט שטעהט אויף איין אָרט, און דערפאַר וואָס עס האָט זיך אזוי געדאכט, האָט מען פון איהם, פונ'ם שבת, וואָס גיכער געוואָלט פטור ווערען, און דערפאַר, וואָס מען האָט איהם גיכער געוואָלט פטר'ן, האָט ער זיך ווי אויף צו להכעיס לענגער געצויגען... ווי א שווערע לאַסט איז ער אויף אַלעמען געלעגען... עס האָט זיך געדאַכט, אז עס וועט נור נאַכט ווערען, וועט עפּעס פרייער, לייכטער ווערען אויף די הערצער...

פערגאַנגען איז די זון. פערגאַנגען א בלאַסע און שטילע. ס'האָט זיך קוים געשפּירט איהר אונטערגאַנג. די פאַסטוכער האָבען פון פאַשע די טשערעדעס געטריבען, געגאַנגען זיינען די בהמות מיט קיילעכדיגע בייכער און פולע אייטערס און האָבען פון וויטען, דערזעהענדיג זייערע שטאַלען, אויסגעצויגען די זאַפטיג־גלאַנציגע מאָרדעס און מורוקעט. אָפּגעטהיילט האָט זיך איין בהמה פון דער אַנדערער — איינע רעכטס, איינע לינקס. פון וואו ניט וואו האָט זיך געלאָזט הערען דאָס אומעדריגע סקריפּען פון די טויערן. נור איין בהמה, א שוואַרצע מיט א ווייסער לאַטע אויפ'ן שטערן, איז שטעהן געבליבען פון וויטען, אַנטקעגען מאָנעס'עס שטוב און מיט גרויסע פערוואונדערטע בהמה'ישע אויגען בעטראַכט די אונגעוועהנליך גרויסע צאָהל מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען נעבען איהר בעל הבית שטוב. און מורא האָבענדיג צו צוגעהן אויסגעצויגען די מאָרדע און ארויסגעלאָזט א פעסטען מרוק.

די ערשטע שטוב, וואו עס האָט זיך פייער געוויזען, איז דעם געפעהרליך קראַנקענס שטוב געווען; דאָרטען האָט מען שוין ניט געוואַרט אויף קיין שטערן און שוידערליך איז געווען דאָס, וואָס דאָרטען איז דאָך נאָך אַלץ שבת געווען. אויפ'ן טיש, פערשפּרייט מיט'ן טישטוך, זיינען נאָך אַלץ די חלות געלעגען, דריי לייכטער געשטאַנען און דאָס טשאָלענט ברעטעל איז נאָך געווען פערשמירט. ניט געפיהלט האָט זיך דאָרטען דער איבערגאַנג פון שבת צו וואָך; צונויפגעגאָסען האָבען זיך ביידע צוזאַמען אין עטוואָס גרויזאַמעס און שרעקליכעס...

* * *

אַוועק איז די קורצע זומערדיגע נאַכט, אַוועק מיט איהר איז א מענש... שווער און אומרוהיג איז דאָס שטעדטעל די נאַכט געשלאָפען... איין חלום האָט זיך אין אַלעמענס מחות געדרעהט, צונויפגעפּלאָנטערט, צונויפגעגאָסען מיט דעם וואָס איז ווירקליך פאָרגעקומען... פון אַלע עקען האָט זיך געלאָזט הערען דאָס קרעהען פון די הענער — עפּעס אַזאַ מעכטיג, נור איינצייטיג עפּעס, אַזאַ אומעדיג־הילפלאָז קרעהען... געשלאָפען איז מען אומעטום אונטער בלינד־פערמאַכטע טיר און פענסטער און געשפּירט האָט זיך אין דער גרויער, צווישען נאַכט און טאָג'יגער שטילער טונקעלקייט עפּעס א מין רחמנות אויף די אַלע, וואָס זיינען געשלאָפען און ניט געוואוסט, וואָס אונטער זייערע נעזער טהוט זיך... און אומרוהיגע שטילקייט האָט אין דער לופט געשוועבט, און געדריקט האָט עפּעס געהיימעס און שווערעס.... געשפּירט האָט זיך, אז עפּעס איז דאָ ביינאַכט געשעהען, עס איז געשעהען אַזעלכעס, אויף וואָס דער טאָג קוקט תמ'עוואטע, נור פיהלט, אז דאָ האָט זיך עפּעס אָבגעטהאָן... געשפּירט האָט זיך, אז עפּעס איז אַוועק אין דער אייביגקייט און אומקערען וועט זיך שוין ניט דאָס אַוועקגעגאַנגענע...

ניט געבליבען איז א נאַכט מיט א מענשען, און געדאַכט האָט זיך, אז דאָס איז שוין גאָר ניט געווען קיין נאַכט ווי אַלע נעכט. עפּעס האָט זי געלאָזט נאָך זיך אַזעלכעס, וואָס דער טאָג האָט פערגעסען ניט געקענט... און גערענקט האָט זיך אן א נעכטען, אן א שבת'דיגען נעכטען און אז עפּעס האָט זיך אין דעם שבת פערקאָכט, פערדרעהט און איצט איז אַלעס געענדיגט. עס האָט זיך געענדיגט דאָס פערקאָכטע, דאָס פערדרעהטע, נור נאָך די געוואַלדען און געשרייען, וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען פון די העל־ליכטיגע פענסטער שוין כמעט א מעת־לעת צייט, האָט זיך אָבער געדאַכט, אז דער שבת ציהט זיך נאָך... נור שרעקליכער איז ער איצט ווי נעכטען. נאָך שרעקליכער האָט זיך דער שבת געשפּירט

דאָרטען, אין דער שטוב, וואו דער געשטאָרבענער איז געלעגען, דאָרטען האָט נאָך אַלעס אויסגעזעהן ווי שבת'דיג. דאָס טשאָלענט ברעטעל איז נאָך אַלץ פערשמירט געשטאַנען און די חלות זיינען דאָך נאָך אַלץ, אפילו ניט אין אָרדנונג, אויפ'ן טיש געלעגען, נור די לייכטער זיינען שוין מיט ברענענדע ליכט אויף דער ערד געשטאַנען און ליכטיג איז געווען שוין גאָר ווי פרייטאג צונאַכט... ניט געדענקט האָבען די אייגענע אין וואָס פאַר א צייט זיי געפינען זיך... ניט באַמערקט האָבען זיי ווי דער „נעכטען“ איז אוועק און ווי דער „היינט“ איז אָנגעקומען... ערגעץ טיעף אין די מוחות און אין די הערצער האָט זיך א שבת געדענקט, נור צי איז ער שוין אוועק, צי איז ער נאָך דאָ, האָט קיינער פון די אומגליקליכע ניט געוואוסט און ניט געקלערט...

בלייכער און בלייכער איז אין מזרח געוואָרען און בולט'ער, שאַרפער האָט זיך געגעבען צו שפּירען דאָס, וואָס די נאַכט האָט מיט זיך גענומען, און דאָס, וואָס זי האָט צוגענומען, האָט זיך שטאַרק געגעבען צו שפּירען אין דעם, וואָס איז פאַר'ן טאָג געבליבען. די נאַכט האָט זיך אָבגעטהאָן איהר'ס, איצט געהט דער טאָג און דאַרף צורוימען דאָס, וואָס די נאַכט האָט איבערגעלאָזט... א שותפות'דיג שטיק אַרבייט...

ערגעץ וואו האָט זיך פון א דאַך אַראָפּ געלאָזט הערען דאָס קנאַקען פון א בוסליאַק, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף זיינע לאַנגע רויטע פיס. פון צייט צו צייט האָט זיך ערגעץ געלאָזט הערען א קורץ־אָבגעהאַקטער פישטש פון א פויגעל און, ענדליך, האָט זיך אויף א בריקעל יענטע־בריינע, א ניינציג־יעהריגע אידענע, בעוויזען, ביי וועלכער עס ליגט שוין תכריכים צוגעגרייט... צו איהר איז דער טויט נאָהענטער, דערפאַר האָט זי איהם פריהער פון אַלע דערשפּירט; און נאָך איהר א צווייטער, א דריטער און פיערטער, געעפענט האָט זיך א טיר נאָך א טיר און וועהטאָג'דיג שמערצליך האָט אַלעמען פערדראָסען, וואָס א מענש איז אזוי גיך, אונבעמערקט אַוועק פון דער וועלט...

געטראַכט האָט מען: נעכטען אין דער צייט האָט ער זיך נאָך גאָר ניט געריכט... נעכטען אין דער צייט איז דאָך נאָך גאָרניט געווען... עס איז געווען דאָס, וואָס אַלע שבת אין דער צייט: מען איז געשלאָפען. און איצט? ווי גרויליך עס איז צו הערען דאָס שוואַכע, קרענקליך־מיעדע געוויין, וואָס ציהט זיך נאָך פון נעכטען, פון שבת אָן. און געדאַכט האָט זיך, אז דער שבת ציהט זיך נאָך, האָט זיך נאָך ניט געענדיגט... און ניט היימליך איז געוואָרען דערפון, וואָס נעכטען אין דער צייט איז נאָך גאָרנישט געווען און איצט ליגט שוין יענער טויט . . .

אויפגעוואַכט האָט דאָס שטעדטעל אין א אונגעוועהנליך פריהער צייט און דערפאַר אַליין האָט זיך שוין געדאַכט, אז ניט אַלעס איז איצט ווי געוועהנליך. געפיהלט האָט זיך אין אַלעם און אויף אַלעמען אן אונבעגרייפליכע, אָבער שטאַרקע פערענדערונג. אומעטיג־בלאַסע, פערשלאָפענע, ניט־געוואַשענע פנים'ער... און צונויפגעקליבען האָבען זיך די פנים'ער און גערעדט האָט מען צווישען זיך שטיל, געהיים און גאָט'ס־פאָרכטיג, און געהילט האָט מען זיך, איינגעצויגען אין אויבערשט־ווינטערדיגע מאַנטלען. די הייזער, פון וועלכע די אַלע אידען און ווייבער זיינען ארויסגעגאַנגען, זיינען שטיל, ליידיג אונטער פערמאַכטע לאָדען, שטעהן געבליבען. געשלאָפען זיינען דאָרטען נור יונגע, קליינע קינדער, וואָס פיהלען נאָך ניט אזוי שטאַרק דעם שרעק פון טויט. דערפאַר איז שוין יענע שטוב, וואו דער געשטאָרבענער איז געלעגען, צופיעל בעלעגט געווען, און געפאַלען איז ערגעץ פון הינטען, אויף די טאָג־בלאַסע פענסטער אן אומעטיג ראָזען־שיין... עפּעס האָט זיך דאָרטען אזוי געהיימניספול גערוישט. מענשען זיינען אריין און ארויס, עפּעס אריינגעטראָגען און ארויסגעטראָגען. אין דרויסען, פאַר דער שטוב, איז געשטאַנען מאָטעל דער גבאי, פון דער חברה קדישא, א געזונדער געלער איד, און געשניטען מיט א האַנד־זעגעל ווייסע ברעטלאַך אויף א מיטה. אין אינוועניג אין שטוב האָט מען אויך געאַרבייט: תכריכים גענעהט. און דאָרטען, אין קיך, אויפ'ן ווייס־אָבגעשמירטען פריפעטשאָק, נעבען דעם פערשמירטען טשאָלענט־ברעטעל, האָבען זיך צוויי נייע ווייסע לייהמענע טעפּ מיט וואַסער נעבען א גרויס פייער געוואַרעמט . . .

ענדליך האָט זיך פון טיר א פּאָאר פיס, אין ווייסען איינגעהילט, אין דרויסען בעוויזען און נאָכ'ן מת האָבען זיך ארויסגעשאָטען א גאַנצע מחנה שבת'דיג אָנגעטהאָנענע אידען, ווייבער און קינדער און געדאַכט האָט זיך, אז פון דאָרטען האָט זיך עפּעס א מין שרעקליכער שבת מיט'ן מת צוזאַמען אין דרויסען ארויסגעריסען און שרעקליך איז געווען צו קוקען אויף דעם, וואָס האָט זיך נאָך נעכטען גאָר ניט געריכט און היינט איז ער שוין טויט, שרעקליך אויף די פערפוצטע ווי צו א חתונה נאָהענטע מחותנים... — — —

הובערט ה. הערריסאָן

די נעגער־פראַגע פון סאָציאַליסטישען שטאַנדפונקט

(די שטימע פון א נעגער א סאָציאַליסט)

דער אפריקאנער שקלאַפען־האַנדעל האָט זיך אָנגעפאַנגען א צייט בעפאָר אַמעריקאַ איז ענטדעקט געוואָרען. די אייראָפעאישע רייזענדע, וועלכע האָבען זיך געלאָזט זוכען גאָלד ארום די אַפריקאַנער ברעגען, האָבען אויסגעפונען, אז פאַנגען נעגערן און פערקויפען זיי פאַר שקלאַפען איז אויך א „גאָלדענער" געשעפט. אָבער דער שקלאַפען־האַנדעל האָט זיך ערשט רעכט גענומען ענטוויקלען נאָכדעם ווי די נייע וועלט איז ענטדעקט געוואָרען און ס'איז געוואָרען א שטאַרקע נאָכפראַגע אויף ביליגע אַרבייט. אַן אונגעהייער גרויסע צאַהל נעגער־שקלאַפען איז אריינגעפיהרט געוואָרען אין אַמעריקאַ אין משך פון 16טען און 17טען יאָהר־הונדערט פון די שפּאַניער, האָלענדער און ענגלענדער. די פרייע וועלט איז צואַקערט געוואָרען פון שקלאַפען.

די בעציהונגען פון די ווייסע צו די שוואַרצע זיינען פון אנפאַנג אָן געווען בעציהונגען פון הערדען צו שקלאַפען. די עקאָנאָמישע אונטערוואַרפונג האָט ווידער געפיהרט צו סאָציאַלער, גייסטיגער און פיזישער אונטערוואַרפונג. שקלאַפעריי איז שוין אָבגעשאַפט, אָבער אין די בעציהונגען איז נאָך עד־היום שטאַרק אויסגעדריקט זייער אַבשטאַמונג. אָט די סומע פון די בעציהונגען וועלען מיר בעשרייבען אלס די נעגער־פראָבלעם.

צוליעב דעם וואָרט פּראָבלעם קומט אָפט פאָר א מיספערשטענדניס. ווערטער האָבען זייער צויבער. ווען איינער הערט „פּראָבלעם", שטעלט זיך איהם תיכף פאָר, אז עס מוז אויסגעפונען ווערען א לייזונג פון דער פּראָבלעם. א פּראָבלעם איז אַן אַרבייט פאַר'ן קאָפּ. אזוי ווי אין אריטהמעטיק, למשל, — מען מוז געבען אַן ענטפער אויף א געוויסער אויפגאַבע, וואָס טראָגט דאָרט דעם נאָמען פּראָבלעם. און די פּראָיעקטען־מאַכער, „די גוטע קעפּ", האָבען אונז שוין פערמאַטערט מיט זייערע פּלענער, ווי צו לייזען די נעגער־פּראָבלעם. אָבער א ראַסען־פּראָבלעם איז ניט קיין אריטמעטישע פּראָבלעם, ניט קיין „קאָפּ־פּראָבלעם". זי איז בלויז די סומע פון די געגענזייטיגע בעציהונגען פון צוויי אָדער מעהר ראַסען, צווישען וועלכע עס קומען פאָר סכסוכים.

און אויב אזוי טאָרען מיר ניט זוכען צו ערקלערען די בעציהונגען מיט די געדאַנקען און געפיהלען פון דעם אָדער יענעם צד. מיר מוזען זיי אונטערזוכען און צוגלידערן לויט דיזעלבע מעטאָדען, ווי עס ווערן אונטערזוכט און צוגליעדערט פערשיעדענע אַנדערע מענשליכע בעציהונגען. 1) עקאָנאָמיש, 2) סאָציאַל, 3) פּאָליטיש און 4) יורידיש. אַזאַ אונטערזוכונג סיי פון די היסטאָרישע און סיי פון די געגענוועערטיגע פאַקטען קאָן פיעל בייטראַגען צו דעם פערשטענדניס פון דער פּראָבלעם. און מעהר ברויכען מיר ניט — מעהר ניט ווי פערשטענדניס. דאָס איז דער איינציגער וועג, ווי אזוי דער שכל קאָן העלפען דער לייזונג פון א פּראָבלעם. די לייזונג גופא מוז אָבער אויסגעקעמפפט ווערן דורך די פּראַאינטערעסירטע געזעלשאַפטליכע כוחות, און ניט דורך שכל'דיגע אַרגומענטען.

אין משך פון קאָלאָניזאַציאָנס־פּעריאָד איז דאָס לאַנד פון אַמעריקאַ פערטיילט געוואָרען פון די אייראָפעאישע קעניגע אַלץ צו אַזעלכע העררען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר צו גרויסע „דזשענטעללייט" אום צו אַרבייטען פיזיש. אָבער דאָס לאַנד אום אַרויסצוגעבען זיין רייכטום האָט געדאַרפט גראַד פיזישע אַרבייט. עס האָט געמוזט געשאַפען ווערן א קלאַס פון „לאַנדלאָזע" — פון פערזאָנען, וואָס האָבען ניט קיין אייגען לאַנד. ווארים וואָלטען זיי יאָ געהאַט אייגען לאַנד, וואָלטען זיי ניט געגאַנגען אַרבייטען פאַר א טייל פּרוכטען פון זייער אַרבייט, בעת פון זייער אייגען לאַנד בעקומען זיי די פולע פּרוכט פון זייער אַרבייט. און דער פּראָצעס פון אויסבילדונג פון א שקלאַפען־קלאַס האָט זיך אָנגעהויבען.

אין דער טעריטאָריע, וואָס פערנעהמען איצט די פּעראייניגטע שטאַאַטען, איז די ערשטע פּראָבע געמאַכט געוואָרען מיט די אינדיאַנער. די פּראָבע האָט זיך ניט איינגעגעבען. האָט מען גענומען אימפּאָרטירען פון אייראָפּאַ ווייסע אלס שקלאַפען־פיה. און דיעזער אימפּאָרט האָט אָנגעהאַלטען פאַר דער גאַנצער צייט פון קאָלאָניזאַציאָנס־פּעריאָד. די מייסטע וועלען זיין איבערראַשט, ווען זיי וועלען ערפאַהרען, אז דער ערשטער געזעץ וועגען אַנטלאָפענע שקלאַפען איז געמאַכט געוואָרען ניט אין די סאַוטה, נור אין די נאָרד, און ניט אין בעצוג צו שוואַרצע שקלאַפען, נור צו ווייסע. דאָס איז

דער מאסאטשוזעטס־אַקט פון יאָהר 1630 „וועגען הערר, דיענער און ארבייטער". ווען מיר לעזען אויפמערקזאם דיעזען דאָקומענט, מוזען מיר זיך געזעגענען אויף אייביג מיט דער אילוזיע וועגען „אונזערע פאטערס און אונזער פרייהייט", וואָס אונזערע אָפיציעלע מעשות־ביכער — די לעהרביכער פון געשיכטע — זוכען אין אונז איינצופלאנצען.

זייט ביי זייט מיט דער עקאָנאָמישער אונטערוואָרפונג פון די ווייסע איז אָנגעגאנגען די עקאָנאָמישע אונטערוואָרפונג פון די שווארצע. און אזוי ווי זיי זיינען געוועזען פון פרעמדען בלוט און דערצו האָט מען זיי געקענט קריגען ביליגער, האָבען זיי ביסלעכווייז ארויסגעשטויסען די ווייסע שקלאפען. פון דעסטוועגען האָט דער אייראָפּעאישער שקלאפען־האנדעל אָנגעהאלטען ביז צו די דרייסיגער און פערציגער יאָהרען פון 19טען יאָהר־הונדערט. ער איז אַלץ קלענער געוואָרען, אָבער ער האָט דאָך אָנגעהאלטען. מיט די נעגערן האָט מען זיך ווייניגער צערעמאָנעט. מען האָט זיי ניט געדארפט פערנארען, ווי די ווייסע, דורך פערשפּרעכונגען. זיי זיינען דירעקט געבראכט געוואָרען אהער אום אויסצוגראבען די אוצרות פון לאנד פאר דעם ווייסען הערר. און דער ווייסער הערר האָט מעהר חשק געהאט צו דער שווארצער שקלאפעריי, ניט דערפאר, ווייל ער האָט די נעגערן מעהר געהאסט אָדער פעראכטעט, אָדער ווייל ער האָט געהאלטען, אז זיי זיינען נידריגערע בעשעפעניסען; די שווארצע שקלאפעריי איז איהם געווען מעהר ניחא דערפאר, ווייל די נעגערן אלס שקלאפען־פיה זיינען געשטאנען העכער פון די ווייסע.

די שווארצע זיינען גלייך פון אנפאנג אוועקגעשטעלט געוואָרען מחוץ למחנה — אויסער דעם סאָציאלען און פּאָליטישען סיסטעם. פאר זיי האָט ניט געגאָלטען יענע געזעלשאפטליכע סימפּאטיע, וועלכע מאכט ווייכער און מילדער די געזעלשאפטליכע עקספּלואטאציע. די עקספּלואטאציע פון די נעגערן האָט זיך אימער אויסגעצייכענט מיט איהר אכזריות. דער פּלאַץ פון די נעגערן איז געווען דער סאמע אונטען פון דער געזעלשאפט.

לאָמיר דאָ אויף א ווילע זיך אָבשטעלען אויף דעם האַס און פעראכטונג צו די נעגערן. עס איז א סאָציאלער געזעץ — כאָטש ניט קיין אנערקענטער פון אונזערע אוניווערזיטעטס סאָציאָלאָגען — אז ווען א קלאַס געפינט אויס, אז א געוויסע סאָציאלע איינריכטונג איז ניצליך פאר איהם, וועט ער ביסלעכווייז און אונבעוואוסט פאר זיך אַליין אויסארבייטען א פּסיכאָלאָגיע און א מאָראל, וואָס זאָל דיעזע איינריכטונג איינהאלטען און בערעכטיגען. א קלאַס, פאר וועמען ארבייט דורך פרעמדע הענד — שקלאפען ארבייט — מיינט קולטור, און קונסט, און פרייע צייט און בילדונג, וועט נאַטירליך האלטען, אז די שקלאפען־אָרדנונג איז די גערעכטעסטע. דאָס איז די איינציגע ענטשולדיגונג פאר די שקלאפען־האלטערס, וואָס קומט פון איינעם, וועלכער איז ניט זייער פריינד.

און ווייל די נעגערן זיינען געווען די עקספּלואטירטעסטע, זיינען זיי געווען די פעראכטעסטע, — פעראכטעט דוקא פון די, פון וועמען זיי זיינען געוואָרען עקספּלואטירט. און ווייל זיי האָבען פערנומען דעם סאמע אונטען פון דער געזעלשאפט, איז ווען עמיצער האָט געדארפט געבריקעט ווערן, זיינען זיי געבריקעט געוואָרען, זיי זיינען געווען אַם נאָהענטסטען צום פוס. און די פּסיכאָלאָגיע און די מאָראל פון דעם הערשענדען קלאַס איז געוואָרען די פּסיכאָלאָגיע און די מאָראל פון דער גאנצער נאַציאָן. ווארים אזוי טהוט אימער דער הערשענדער קלאַס — ער דריקט ארויף זיינע אנשויאונגען אויף דער גאנצער נאַציאָן און דערמיט הערשט ער. איהם צו געבאָט שטעהען די פּרעסע, די שולע, די פּלאַטפאָרם. דערפון דרינגען מיר, אז ניט די פעראכטונג צו די נעגערן, ניט דער גלויבען, אז זיי זיינען ניעדריגערע בעשעפעניסען האָט בעשאַפען דעם שקלאפען־האנדעל און די עקספּלואטאציע פון די נעגערן, נור פערקעהרט: דער שקלאפען־האנדעל און די עקספּלואטאציע האָט געשאַפען די פעראכטונג און דעם פאלשען גלויבען.

פון דיעזען שטאַנדפּונקט איז אינטערעסאנט זיך צו צוקוקען, ווי אזוי עס האָט זיך געענדערט די שטעלונג צו די נעגערן אין די סאוטה לויט ווי עס האָט זיך געענדערט דאָס אינדוסטריעלע סיסטעם.

די אונבעגרענצטע שקלאפען ארבייט האָט געבראכט העכסט פערשווענדערישע אגריקולטור מעטאָדען. און אַט די מעטאָדען פון ערד ארבייט האָבען אויסגעזויגט און אויסגעשעפּט דעם באָדען פון די סאוטה. און קיין אויסזיכט אויף נייע לענדער איז ניט געווען, האָבען די בעציהונגען פון דעם פּלאנטאטאר צום שקלאף אָנגענומען א פּאטריארכאלען כאַראקטער. דער שקלאף איז כמעט געוואָרען א מיטגליעד פון דער פאמיליע. ער איז ניט געווען מעהר קיין מיטעל צו ציהען פּראָפיט. נישט מעהר, וואָס ער פּלעגט פערשפּאָרען דעם הערר צו בעפלעקען זיינע איידעלע הענד מיט ארבייט. עס האָט געשיינט, אַז דאָס שקלאפען־סיסטעם געהט אונטער, ווייל עס האָט זיך אַליין איבערגעלעבט.

פּלוצלונג איז ערפונדען געוואָרען ווהיטני'ס קאטאן־שפּינדעל. איין מאַן האָט איצט געקאָנט טהאָן די ארבייט פון 300. קאטאן איז געוואָרען דער הויפּט־אגריקולטור פּראָדוקט פון אמעריקא. דער שווארצער שקלאף איז ווידער

נעוואָרען אַ קוועלע פון פּראָפיט, אַ בעפרוכטער פון קאַפּיטאַל. פון די מילדע בעציהונגען פון די פאַריגע פערציג יאָהר איז קיין זכר ניט געבליבען. דער שטייגענדער פּראָפיט האָט געפאָדערט אַ פערשטאַרקטע עקספּלואַטאַציע, און די מאָראַל פון די פּריווילעגירטע האָט גענומען דיקטירען פעראַכטונג צו די נעגרען. דאַמאָלס איז געגרינדעט געוואָרען „דע־באָוו׳ס רעוויו", דער גרויסער אָרגאַן פון דער עפענטליכער מיינונג פון די סאַוטה, וואו אין אַ רייהע ערנסטע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען איז בעוויזען געוואָרען, אַז דער נעגער איז ניט קיין מענש, נור אַ חיה. דאַמאָלס איז אויך אויפגעקומען דער מנהג צו שרייבען אין ענגלישען „נעגער" מיט אַ קליינעם „נ", אַ מנהג, וועלכער האַלט זיך נאָך ביז איצט, אפילו אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

מיט דער צייט אָבער האָט זיך אין די נאָרטה ענטוויקעלט דאָס מאַשינען סיסטעם אין דער פּראָדוקציאָן. די פאַבריק־פּראָלעטאַריער זיינען בכוח געווען אַרויסצושלאָגען פּראָפיט פון קאַפּיטאַל אַ סך געשווינדער און ביליגער, ווי די שקלאַפען. די ביידע סיסטעמען — דאָס מאַשין־סיסטעם און שקלאַפען־סיסטעם האָבען גענומען קאָנקורירען. און דיעזע קאָנקורענץ האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אויפ׳ן פּאָליטישען פעלד אַלס אַ קאַמפּף פאַר דער בעשרענקונג פון שקלאַפעריי — אום צוריקצוברייינגען די שקלאַפעריי אין איהרע אמאָליגע גרענעצען. דאָס אָבקויפען פון לואיזיאַנאַ, דאָס אננעקסירען פון טעקסעס, דער מיסורי־קאָמפּראָמיס, די ברעד־סקאָט־ענטשיידונג פון סופּרים קאָרט, דער קענזאַס־נעבראַסקאַ־ביל — די אַלע וויכטיגסטע פּאַסירונגען פון יענע צייטען — האָבען אָבגעשפּיעגעלט דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף צווישען די צוויי הערשענדע עקספּלואַטאַטאָר־קלאַסען— פון די נאָרטה און די סאַוטה. אין דיעזען קאַמפּף האָט יעדער צד געזוכט זיך צו בענוצען מיט דער אַרמעע, פלאָטע, עקזעקוטיווע, קאָרטס און לעדזשיסלייטשורס אום צו שטאַרקען זיין פּאָזיציאָן.

ענדליך איז ביי די אַלגעמיינע וואהלען פון 1860 די אינדוסטריעלע עלעמענטען פון די נאָרטה געלונגען צו פערכאַפּען די רעגיערונגס מאַכט אין זייערע הענד. די סאַוטה האָט בעשלאָסען זיך אָבצורייסען פון דער יוניאָן, ווייל דאָרט האָט מען גוט פערשטאַנען, וואָס דאָס מיינט בעזיצען די רעגיערונגס־מאַכט. דאָס איז אייגענטליך געווען אַ קאַמפּף פאַר דער עקאָנאָמישער הערשאַפט. ניט די געפיהלען פון יושר און מענשליכקייט האָבען דאָ געשפּיעלט די הויפּט ראָלע. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אַזאַ שטאַאַטסמאַן פון דער נאָרטה, ווי לינקאָלן, האָט געמאַכט פאַר זיין הויפּט־אישיו אין זיין קאַמפּף מיט דער סאַוטה — ניט די בעפרייאונג פון די שקלאַפען, נור די גאַנצקייט פון דער יוניאָן. און אין די ערשטע טעג פון דעם קריעג האָט ער שטרענג בעשטראָפט יענע פלאַטטאָן־אָפיציערען, וועלכע האָבען פערשטאַנען דעם קריעג אַלס אַ בעפרייאונגס־קאַמפּף פאַר די נעגרען און האָבען זיך ערלויבט צו האַנדלען אין דעם גייסט. קיינע אַרגומענטען פון גרילי, קאַרוועי, גאַוו. אַנדריו האָבען ניט געקענט ווירקען אויף לינקאָלנ׳ען ער זאָל ענדערן זיין שטעלונג. ערשט ווען די בעפרייאונג פון די נעגרען איז געוואָרען נויטווענדיג פאַר מיליטערישע צוועקען, האָט ער פערעפענטליכט זיין עמאַנסיפּאַציאָנס־מאַניפעסט, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט 187 טויזענד נעגרען אין דער צפון־אַרמעע.

די עמאַנסיפּאַציאָן האָט געשטעלט די נעגרען אין אַ נייען שטאַנד — זי האָט זיי געמאַכט פאַר לוין־אַרבייטער, וועלכע האָבען צו קאָנקורירען מיט אַנדערע לוין־אַרבייטער אויפ׳ן אַרבייטס־פעלד. זייענדיג ביז אהער געוואוינט צו שאַפען געצוואונגענערהייד רייכטום פאַר אַנדערע, האָבען זיי זיך מיט אַמאָל דערזעהן בעפרייטע — פריי פון לאַנד און רייכטום — און זיי זיינען געבליעבען הילפלאָז שטעהען אין מיטען פון אַ וועלט, וואָס איז געווען פיינדליך צו זיי.

300 יאָהר פון שקלאַפעריי האָט אַזוי אויסגעלערנט די ווייסע פון די סאַוטה צו קוקען אויף די נעגרען ווי אויף שקלאַפען, דאָס זיי איז שווער געווען צו שיידען זיך מיט דיעזען בליק. זיי האָבען אַנדערש זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אַ נעגער קען נור אַרבייטען אונטער צוואַנג. אַזוי איז געווען און אַזוי מוז אויך ווייטער בלייבען. און ווי נור די סאַוטה איז געקומען צו זיך נאָך דער מלחמה, האָט דער שטאַנדפּונקט ווידער בעקומען זיין אויסדרוק אין דער נייער געזעצגעבונג — אין די געזעצען וועגען די שווארצע — „בלעק קאָד׳ס", —וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אין די סטייט־לעדזשיסלייטשורס פון די סאַוטה אין הערבסט אין ווינטער פון 1865—1866. די „נייע קאָנסטיטושאָנס" האָבען פריהער פון אַלץ ניט געגעבען דעם נעגער קיין שטימרעכט, און עס איז אויך ניט געווען קיין האָפנונג אַז דיעזעס רעכט וועט זיי ווען עס איז געגעבען ווערן; די נייע קאָנסטיטושאָנס זיינען פּאַרמירט געוואָרען, די לעדזשיסלייטשורס זיינען זיך צונויפגעקומען, סענאַטאָרס און רעפּרעזענטאַטיוועס זיינען ערוועהלט געוואָרען, און דער נעגער האָט דעם מינדעסטען אַנטייל ניט געהאַט אין דער רעגיערונג. און די אַלטע שקלאַפעריי האָט זיך צוריקגעקעהרט אין אַ נייער פערקליידעטער פאָרם אונטער דער נייער קאָנסטיטושאָן פון פרייהייט. אויפגעפלאַמט פון ראַכע־געפיהלען זיינען די נייע געזעצע געווען העכסט ברוטאַל.

און איידער די נאַציאָנאַלע לעדזשיסלייטשור אין וואַשינגטאָן האָט בעוויזען וואָס עס איז צו טהאָן, האָבען זיך שוין אין די סאַוטה אָרגאַניזירט באַנדען—דהי קו־קלוט־קלאַן, דהי נייטהס אָף דהי ווהייט קאמעליאס, דהי סאָסייעטי אָף דהי פייל־פייסעס — וועלכע האָבען די נעגרען איינפאַך דורך טעראָר אריינגעיאָגט אין דעם יאָך פון א נייער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אונטערוואַרפונג.

און ווען פון דער נאָרטה איז אראַנזשירט געוואָרען אַן אונטערזוכונג פון די בעדינגונגען אין די סאַוטה, איז זי בעגעגענט געוואָרען מיט אַזאַ ווילדער פיינדשאַפט, דאָס אין וואַשינגטאָן האָט מען געפונען פאַר נעטהיג צו בעוואַפנען די נעגרען מיט שטימרעכט צו זייער זעלבסט־פערטיידיגונג. און נאָך איצט קומען אַזעלכע פראָפעסיאָנעלע פּאָליטישענס פון דער סאַוטה ווי דיקסאָן, טאָם וואַטסאָן, בען טילמאַן, אונדערוואַוד, און ווילען איינריידען דעם עולם, אז די איצטיגע שטעלונג פון דער סאַוטה צו די נעגרען איז א רעאַקציע געגען דער סאָציאַלער און פּאָליטישער „נעגער־הערשאַפט", וואָס די נאָרטה האָט אויף איהר ארויפגעצוואונגען.

מיר האָבען דאָס שוין אויבען בעמערקט: עס וואָלט געווען א טעות צו גלויבען, אז די פּאָליטישענס פון דער נאָרטה זיינען געוואָרען אנהענגער פון נעגער־פרייהייט, ווייל אַזוי האָט אויסגעטראַגען זייער הומאַניזם, זייער יושר און מענשליכקייט. און ווידער האָבען מיר דאָ געזעהען א טרויעריגען בעווייז: ווי נור די ביזנעס־לייט פון דער נאָרטה האָבען פארזיכערט פאַר זיך די רעגיערונגס־מאַכט און האָבען ארויסגעקראָגען קאָנצעסיעס אויף טויזענדער מיילען אייזענבאַהן, האָבען זיי איבערגעלאָזען די נעגרען פון דער סאַוטה צו זייער אייגענעם שיקזאַל. דאָס איז געשעהן שפּעטער, אין 1877, ביי דעם עלעקשאָן קאמפּף צווישען העיס און טילדען, ווען די שטימען־צאָהל, וואָס יעדער צד האָט אָנגעגעבען, איז בעשטריטען געוואָרען פון אנדער צד. דאַמאַלס זיינען די לייט פון דער נאָרטה אַריין אין אַן אבמאַך מיט די לייט פון דער סאַוטה: די סאַוטה האָט אָבגעגעבען די עלעקשאָן פאַר העיסען און די נאָרטה האָט איינגעוויליגט צוריקצוציהען איהר ארמעע, וועלכע האָט דאָס גענויט פערטיידיגען די נעגערשע פרייהייטען. זאָלען די נעגרען זיך העלפען ווי זיי פערשטעהן!

דער יונגער קאַפּיטאַליזם האָט פריהער פון אַלץ זיך גענעטהיגט אין קאָנטראָל איבער דער רעגיערונגס־מאַכט, און דיעזער צוועק איז איהם געווען הייליגער פון אַלע נעגרען אין דער וועלט, און ער האָט אויפגעאָפּפערט די נעגערשע פרייהייטען אין די סאַוטה ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט, וואָס האָט זיך געמאַכט, פונקט אַזוי ווי לינקאָלן האָט עס געטהאָן אין די ערשטע טעג פון בירגער־קריעג. און זייט דעם ווערט דער נעגערשער וואוט סיסטעמאַטיש אונטערדריקט, ווערט געטריעבען לעדזשיסלייטשאָן לויט דעם שענדליכען דזשים־קראָו־סיסטעם, ווערן געמאַכט בעזונדערע קאַרס, בעזונדערע נעגער־סקולס, נעגרען ווערען געלינטשט און ווערן געהאַלטען אָבגעזונדערט פון די ווייסע מיט דעם פולעם הסכם פון די רעפּובליקאַנער קאָנגרעסען, פּרעזידענטען און קאורטס. און עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע נעגער־„לידערס", ווי מר. וואַשינגטאָן, וואָס האַלטען עס פאַר זעהר וויכטיג צוצולייגען פלאַסטערס צו די וואונדען — אויסצוגעפינען אַזעלכע מיטלען, וואָס זאָלען מאַכען די נאַציאָן זיך בענוגענען מיט אַ מפּיל־דעמאָקראַטיע און די נעגרען מיט פערקריפּעלטע מענשען־רעכטע.

דאָ וואָלט נעטהיג געווען צו ריידען וועגען די נייע עקאָנאָמישע ענדערונגען, וועלכע האָבען זיך אָבגערופען ניט אימער צו גוטען אויף די בעציהונגען צווישען די ווייסע און די שווארצע; אויף דער ווירקונג, וואָס האָט געמאַכט אויף די ווייסע אַרבייטער דער פּלוצלינגער צופלוס פון שווארצע קאָנקורענטען אויף דעם אַרבייטס־מאַרק, וועגען דער שטעלונג פון די לייבאָר־יוניאָנס, — דאָס אלעס געהערט צו דער נעגער־פּראָבלעם. דיעזע פראַגען וועלען מיר בעהאַנדלען אין א צווייטען אַרטיקעל.

אָבער איך וועל בלויז אַנדייטען אויף די שליסע, צו וועלכע איך קום. דערביי וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברייגגען די ווערטער פון א מאַן, וואָס איז גוט בעקאַנט אין די סאַוטה, רעווערענד קווינסי יורינג. זיינע שליסע זיינען פונקט דער היפּך פון מיינע. אָט וואָס ער זאָגט: די נעגער־פראַגע בעשטעהט ניט אין דעם, צי דער נעגער איז אַ ניעדריגערע בעשעפענים. וואָס ער זאָל ניט זיין — די נעגער־פראַגע בעשטעהט אין דעם, אַז מען זאָל איהם ווייטער האַלטען פאַר וואָס מען האַלט איהם איצט — דאָס הייסט, פאַר א ניעדריגערע בעשעפענים.

דאָס עקאָנאָמישע בעדערפניס פון א סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע האָט געמאַכט פון אַ גאַנצער ראַסע אַ בעזונדערע אַרבייטס־קאַסטע; די סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דעם, האָט בעשאַפען אַ געפיהל פון פיינדשאַפט און פעראַכטונג צו דיעזער קאַסטע; די ווייטערע עקזיסטענץ פון דיעזער אָרדנונג פאָדערט, אַז דיעזער געפיהל זאָל אויך ווייטער אָנהאַלטען. דאָס איז דער גרונד־פאַקט. און דער שלום, וואָס בעט זיך אַליין ארויף, איז — ווען דאָס סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע וועט פערשווינדען, וועט אויך פערשווינדען די נעגער־פּראָבלעם מיט אַלע איהרע פאָלגען — דאַן, אָבער ניט פריהער.

משה טייטש

ווינטער

.1

זיצט די צייט און טרייבט איהר כשוף,
פלעכט איהר קנויל און ציהט דעם פאָדעם—
געהען טעג פון הערבסט ערמידעט
אין די אָבגעניצטע בגדים.

גאָר ניט לאַנג — אָ, ווי געגרויסט זיך,
יעדער טאָג געווען א מלאך,
און געציערט זיך בלויז אין פורפור
אין פערשווענדעט שטראַהלען פרעהליך,—

ביז פערשווענדעט אַלע שטראַהלען
אין פערשווענדערישען גלאַנצען:
אך, ווי גרינג אַן אַנדערער מלאך
קען פערליערען זיך אין גאַנצען!

.2

דין־דין גלעקעל דאָ און דאָרטען
און דער גליטש, ווי שפּיגעל־גלאָז:
גיט דער פראָסט א קניפּ אין בעקעל
און דער ווינד א שאַרפען בלאָז.

שטעהען בוימער, ווי די כלות,
מיט גירלאַנדעס ווייס בעדעקט,
ציערונג־זילבער, ווייסע סאַמעט,
אונבעריהרט און אונבעפלעקט.

דאַרף מען נור, איז אויך דער הימעל
אין מתנות גאָר ניט קאַרג,
און אָהן אויפהער טהוט ער וואַרפען
זילבער, פּערל, בערגעל־באַרג.

.3

און ביזטו אין ציערונג און קליידער
גאָר אָרעם,
דאַן זאָלסטו, מיין ליעבסטע, זיך היינט
גאָר ניט קלעמען, —
מיר האָבען א שנעע־האַר, א ליכטיגען
דרויסען,
עס וועט דיך דער שנעע־האַר געוויס
ניט פערשעמען.

דו געה נור ארויס און ער וועט דיך
בעפּוצען,
די באַקען בעפאַרבען, די אויגען בעגלאַנצען
און וועט, ווי א פירשט, דיך מיט פּערל
בעדעקען,
מיט זילבערנע שטערען בעשיטען
אין גאַנצען.

דו וועסט זיין א מלכה, די מלכה פון
ווינטער,
און ליגען דיין וועג וועט דורך זילבערנע
טהירען,
דיין קנעכט וועט פאַר דיר זיך נאָך
נידריגער קניהען, —
מעג זיין נור איין ווינטער, נור דו וועסט
רעגיערען...

דר. א. גינזבורג

ארבייטס־געזעצע אין תלמוד

ווען מיר האָבען דאָ בדעה צו רײדען וועגען ארבייטער־געזעצע אין תלמוד, מיינען מיר נאַטירליך ניט בלויז ארבייטער אין דעם ענגען זינן פון וואָרט, — פּראָלעטאריער, ווי דאָס וואָרט ווערט איצטער פערשטאַנען. דאָס פּראָלעטאַריאט אַלס אַ קלאַססע איז אַ פּראָדוקט פון דער מאָדערנער צייט, פון דעם קאַפּיטאַליזם. און אזוי ווי דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך דאַמאַלס, אין ארץ־ישראל, ניט געווען ענטוויקעלט, זיינען דאָרט אַזעלכע פּראָלעטאַריער כמעט ניט געווען. די אינדוסטריע איז נאָך געשטאַנען אויף אַ ניעדריגער מדרגה. פון גרויס־אינדוסטריע קען גאָר קיין רייד ניט זיין, — אין דעם דאַמאַלסדיגעןווירטהשאַפט־ליכען צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט האָט מען עס גאָר ניט בעדאַרפט; יעדער בעל־הבית האָט על פּי רוב בלויז פּראָדוצירט אַזוי פיעל, וויפיעל ער האָט נויטהיג געהאַט פאַר זיך, זיין פאַמיליע און הויז־האַלט. איין אויסנאַהמע האָבען נור פאַרגעשטעלט די לאַנד־פּראָדוקטען. אויך דאַן זיינען שוין געווען קלענערע און גרעסערע גוט־בעזיטצער. וואָס אַנבעלאַנגט אָבער אַנדערע אינדוסטריען, האָט יעדער פּראָדוצירט פאַר זיין אייגענעם געברויך, און ניט צום פערקויף. אפילו דער בעל־מלאכה האָט ניט פּראָדוצירט צום פערקויף, ער האָט געאַרבייט אויף בעשטעלונג. דער שוסטער האָט געמאַכט אַ פּאָאָר שיך, ווען מען האָט זיי ביי איהם בעשטעלט; דאָס זעלבע האָט געטהאָן דער שניי־דער מיט'ן ראָק. זיי האָבען אָבער ניט געמאַכט שיך אָדער רעק סתם צום פערקויף. פער־

שטעהט זיך, אַז אַזעלכע בעלי־מלאכות—בעלי־בתים האָבען געהאַט זעהר וועניג „פּועלים“, זיי האָבען בלויז געהאַט לערן־אינגלעך.

ווען מיר ריידען דארום דאָ וועגען אַרבייטער געזעטצע, געברויכען מיר דעם וואָרט אַרבייטער אין ברייטסטען זינן פון וואָרט. דאָס איז אין זיך כולל ניט בלויז „פּועלים“ (פּראָלעטאַריער), נאָר אויך בעלי־מלאכות („אומנין“) און שקלאַפען. די לעצטע — דאָס זיינען געווען די הויפּט־אַרבייטער פון דער גאַנצער אלטער וועלט, און אידען זיינען אין דיעזען הינזיכט ניט געווען קיין אויסנאַהמע.

דאָס מאזאאישע ווי אויך דאָס תלמודישע געזעטץ אנערקענט צווייערליי פאָרמען פון שקלאַפעריי: 1) דער ניט־אידיישער שקלאַף אָדער „עבד־כנעני“ און 2) דער אידיישער אָדער „עבד־עברי“.

דער עבד־כנעני.

שקלאַפעריי, אַלס אַ געזעצליכע איינריכטונג, אַלס אַ פאָרמע פון געזעלשאַפטליכען לעבען, ווערט ניט בעקעמפּפט אין תורת משה. דער מענשען־פריינדליכער געזעטצגעבער, וואָס רעדט שטענדיג פון יושר און גערעכטיגקייט, פון רחמנות און ליעבע צום נעקסטען, וועלכער הייסט ליעב האָבען דעם פרעמדען און מאַכט אַלעמען גלייך פאר דעם געזעטץ, האָט זיך דאָך ניט אין גאַנצען געקענט בעפרייען פון די אנזיכטען פון זיין צייט. מענשען האָבען זיך דאמאָלס בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען, ווי אַזוי אַ געזעלשאַפט וועט קענען עקזיסטירען אָהן שקלאַפען, פונקט ווי גאָר פיעלע גוטע מענשען פון היינטיגער צייט קענען זיך ניט פאָרשטעלען אַ געזעלשאַפט, וואו עס זאָלען ניט זיין קיינע קאַפּיטאַליסטען און קיינע פּראָלעטאַריער. און אפילו אַ צייט שפּעטער איז אַזאַ גרויסער גריכישער פילאָזאָף ווי אריסטאָטעל ארויסגעטראָטען פאר שקלאַפעריי, ערקלעהרענדיג, אַז אַ געזעלשאַפט אָהן שקלאַפען קען גאָר ניט עקזיסטירען. ביי דעם דאמאלסדיגען צושטאַנד פון דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען איז שקלאַפעריי באמת געווען אַ נויטהיגע איינריכטונג, נויטהיג פאר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

אָבער שוין אין דער תורת־משה מערקט זיך אָן אַ נייגונג צו אַ פיעל פריינדליכערער און מענשליכערער בעהאַנדלונג פון דעם שקלאַפען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי די אַלע אַנדערע אַלטע פעלקער ווי, למשל, ביי די עגיפּטער, גריכען און שפּעטער אויך ביי די רוימער. ביי יענע פעלקער פלעגט דער שקלאַף ווערען בעטראַכט ניט בעסער ווי אַ בהמה אָדער אירגענד וועלכער אַנדער חפץ, וואָס בעלאַנגט צום אייגענטהימער און וועלכער קען דארום טהאָן מיט איהם וואָס ער וויל. ער האָט צו זאָגען אויף זיין לעבען און טויט. לויט דער תורה אָבער דאַרף מען בעשטראָפט ווערען פאַר'ן טויטען אַ שקלאַף, און אויב דער הערר מיסהאַנדעלט איהם און שלאָגט איהם אויס אַ צאהן אָדער אַן אויג, געהט דער שקלאַף ארויס פריי.

די תלמודישע געזעצגעבונג וועגען שקלאַפעריי איז אַ פיעל מענשען־פריינדליכערע ווי די דאָזיגע פון תורת משה. פון פיעלע פלעצער איז צו זעהן, אַז פיעלע פון די תלמודיסטען זיינען אין גאַנצען געווען אונצופריעדען מיט שקלאַפעריי. אָבער אָבשאַפען שקלאַפעריי אין גאַנצען אַלס אַ געזעלשאַפטליכע איינריכטונג האָבען די תלמודיסטען ניט געקענט. דאָס האָט ניט ערלויבט דער ווירטשאַפטליכער צושטאַנד, און דערמיט וואָלטען זיי אויך געהאַנדעלט געגען דער תורה, זיי וואָלטען געהאַנדעלט געגען דער קאָנסטיטוציע, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען. מיר דאָ אין די פעראייניגטע שטאַאטען וויסען גאַנץ גוט, ווי שווער עס איז איינצופיהרען נייע געזעטצע, וועלכע זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט דער געשריבענער קאָנסטיטוציע; מיר זעהען גאַנץ אָפט, ווי די פערטהיידיגער פון דאָס אַלטע זוכען שטענדיג צו בעווייזען, אַז די נייע געזעטצע זיינען ניט קאָנסטיטוציאָנעל, און ווי די פערטהיידיגער פון די נייע געזעטצע זיינען געצוואונגען זיך צו פּשט'לען און דריידלען, אום אַריינצוטייטשען נייע כוונות אין די אַלטע ווערטער. אין דערזעלבער לאַגע, און אין נאָך אַ פיעל שווערערער, ווייל די תורת משה איז געווען אַ *געטליכע* קאָנסטיטוציע, האָבען זיך געפונען די תלמודיסטען. זיי האָבען שטענדיג געמוזט פיהרען אַ קאַמפּף געגען דעם אַלטען געשריבענעם וואָרט, ווען זיי האָבען געוואָלט איינפיהרען נייע געזעטצע, וואָס זאָלען זיך בעסער פאַסען פאַר די נייע אומשטענדען און זאָלען זיין אין איינקלאַנג מיט די אויסגעעדעלטערע בעגריפע פון רעכט און יושר. דער קאַמפּף האָט אָבער אין דער זעלבער צייט געמוזט געפיהרט ווערען אויף אַזאַ אופן, אַז די אונבעריהרבאַרקייט און די הייליגקייט פון דעם געשריבענעם וואָרט זאָל ניט ווערען פערשוועכט. עס פערשטעהט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט זיך געמוזט אויסאַרבייטען אַ גאַנצע רייהע פון מעטאָדען, ווי אַזוי אַריינצו'פּשט'לען די נייע געזעטצע אין די אַלטע ווערטער.

אָבשאַפען שקלאַפעריי אין גאַנצען האָבען די תלמודיסטען ניט געקענט. זיי האָבען אָבער יע געטהאָן אַלעס וואָס איז געווען אין זייערע כוחות צו מאַכען שקלאַפעריי אַלץ אונמעגליכער, פאַר עטוואָס אַזעלכעס וואָס זאָל זיך אַלץ וועניגער צאָהלען. ניט בעשטרייטענדיג שקלאַפעריי *טעאָרעטיש*, האָבען זיי איהר *פּראַקטיש* פיעל געשטערט. אין דעם

הינזיכט פון שקלאַפעריי האָבען די תלמודיסטען געטהאָן דאָס זעלבע, ווי אין פיעלע אַנדערע ענינים, וואו די געזעטצע פון דער תורה האָבען מעהר ניט איינגעשטימט מיט די נייע, מעהר מענשענפריינדליכע בעגריפע, ווי זיי האָבען עס צ. ב. ש. געטהאָן מיט דעם געזעטץ פון „אויג אנשטאט אויג“ („עין תחת עין“), וואָס זיי האָבען אויסגעטייטשט, אַז דאָס מיינט געלד אין דעם ווערטה פון אן אויג.

פאר'ן טויטען אַ שקלאַף קומט לויט דעם געזעטץ פון דער תורה בעשטראַפט צו ווערען, אָבער אין וואָס די בעשטראַפונג בעשטעהט, ווערט ניט געזאָגט. קומען די תלמודיסטען און זאָגען, אַז דאָס ווערט געמיינט בעשטראַפונג מיט טויט.

די תורה גיט אן די אויסשלאַגונג פון א צאהן אָדער אן אויג אַלס גענוגענדע אורזאַכע צו בעפרייען דעם שקלאַף. קומען די תלמודיסטען און פשט'לען אריין, אַז ניט בלויז אויג און צאהן, נאָר נאָך אַנדערע פיער און צוואַנציג גליעדער, וועלכע ווערען בעשעדיגט, זיינען גענוג אורזאַכע צו בעפרייען דעם שקלאַף. אויב ער האַקט איהם אפילו אָב אַ פינגער, געהט דער שקלאַף ארויס פריי. אויב דער הערר שלאָגט איהם אויס אַ צאהן און מאַכט איהם בלינד אויף אן אויג, געהט ער ארויס פריי מיט דעם אויסגעשלאַגענעם צאהן און פאר די אויג דאַרף ער בעצאהלען. ווען דער הערר האָט איהם אויסגעשלאַגען א צאהן אָדער בלינד געמאַכט אן אויג, צו אראבגענומען אַ פינגער, וועהרענד ער האָט גאָר געמיינט איהם צו היילען, ווערט דער שקלאַף סאַי ווי סאַי פריי.

ווען אַ איד קויפט אַ שקלאַף, דאַרף ער איהם צוריידען, אַז ער זאָל זיך מל זיין. ער קען איהם אָבער בשום אופן ניט צווינגען דערצו. און אויב ביין ענדע פון צוועלף מאָנאַט האָט ער זיך אַלץ ניט געלאָזען מל זיין, זאָל ער איהם פערקויפען צו אַ גוי.

אויב דער שקלאַף האָט זיך אָבער יע מל געווען, טאָר מען איהם שוין צו אַ גוי ניט פערקויפען. אויב מען פערקויפט איהם יע, ווערט ער שוין דערמיט גופא פריי און מען צווינגט דעם געוועזענעם אידישען בעל־הבית ער זאָל איהם אויסלייזען פון גוי. אפילו ווען יענער בעט איצטער צעהן מאָל אַזוי פיעל וויפיעל ער האָט בעצאהלט פאר איהם. ווען ער פער'משכנ'ט דעם שקלאַף ביי א גוי, ווערט ער שוין דערמיט פריי. אויב דער שקלאַף ווערט פערקויפט פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ, ווערט ער פריי. ווען דער הערר וויל פערלאָזען ארץ ישראל און מיטנעהמען זיינע שקלאַפען, מוז ער האָבען זייער צושטימונג, ער קען זיי ניט צווינגען צו געהן מיט איהם.

אויב דער הערר האָט געגעבען זיין שקלאַף אַ פרייע פרוי צום ווייב אָדער האָט איהם געהייסען לייגען תפילין אָדער לייענען דריי פסוקים פון דער תורה אָדער עהנליכע אַזעלכע זאַכען, וואָס נאָר אַ פרייער מענש איז מחויב צו טהאָן, ווערט דער שקלאַף דערמיט גופא שוין בעפרייט, און מען צווינגט דעם הערן איהם צו געבען אַ בעפרייאונגס־דאָקומענט.

דער גרויסער כלל אין תלמוד איז, אַז קויפענדיג אַ שקלאַף, קויפט מען בלויז זיין אַרבייט, אָבער ניט זיין קערפער. מען דאַרף מיט איהם ניט אַרבייטען צו שווער; מען דאַרף איהם געבען עסען און טרינקען פון אַלץ וואָס דער בעל־הבית עסט און טרינקט; מען דאַרף איהם ניט זידלען, ניט שלאָגען, אויסהערען זיינע טענות און קריוודעס און ריידען מיט איהם פריינדליך.

דער אַלטער שקלאַף דאַרף רעספעקטירט ווערען. אין דער גמרא (ב"מ ס') ווערט דערצעהלט אַ מעשה פון אן אלטען שקלאַף, וועלכער האָט זיך אָבגעפארבט זיין באָרד און האָאָר און איז געקומען צו רבא'ן, בעטענדיג איהם ער זאָל איהם נעהמען. רבא האָט זיך ענטזאגט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט האָבען קיין שקלאַף. איז דער שקלאַף געגאַנגען צו רב פפא בר שמואל, וועלכער האָט איהם יע גענומען. איינמאָל האָט רב פפא איהם געבעטען, ער זאָל איהם בריינגען וואסער צום טרינקען. דער שקלאַף איז געגאנגען און האָט אָבגעוואַשען דעם פארב פון זיין האָאָר און באָרד און האָט איהם געזאָגט: „זעה, איך בין עלטער ווי דיין טאַטע“.

דער עבד עברי.

שקלאַפעריי פון אידען ווערט שוין אייגענטליך פערבאָטען אין דער תורה. דער „עבד־עברי“ איז בלויז א געדונגענער אויף א משך פון יאָהרען. זעקס יאָהר דאַרף ער דיענען און אויפ'ן זיבענטען געהט ער ארויס פריי. אויב דער „יובל“ טרעפט אין מיטען פון די זעקס יאָהר, דאַרף ער די זעקס יאָהר ניט אויסדיענען. דער בעל־הבית טאָר מיט איהם ניט אַרבייטען שווער, טאָר זיך מיט איהם ניט בעפעהלען ווי מיט אַ שקלאַף, און ביין ענדע פון די זעקס יאָהר ווען ער געהט ארויס פריי, דאַרף איהם דער בעל־הבית געבען מתנות פון אַלץ וואָס ער פערמאָגט: פון בהמות, תבואה און ווייגען.

די תלמודיסטען זיינען אויך בנוגע צום „עבד־עברי“ געגאַנגען פיעל ווייטער ווי די תורה. זיי האָבען געמאַכט אַזוי פיעל שוועריגקייטען פאר דעם בעל־הבית, אַז עס איז געוואָרען א ווערטעל: „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו“ — דער וואָס קויפט זיך אַ „עבד־

עברי" איז גלייך ווי ער וואָלט געקויפט אַ הערר איבער זיך.

אַ איד טאָר ניט זיין קיין שקלאַף, ווייל גאָט זאָגט, זיי זיינען מיינע שקלאַפען (ד. ה. אַלע אידען זיינען גלייך מיינע שקלאַפען) און ניט שקלאַפען צו שקלאַפען.

די תורה זאָגט, אַז מען דארף לעכערען דעם אויער פון דעם עבד־עברי, ווען ער וויל ניט אַרויס פריי אויפ'ן זיבענטען יאָהר. דאָס איז אַ פנים געוועזען אַ סימן פון שקלאַפעריי. דער תלמוד ערקלעהרט עס אָבער אויף אַנאַנדער אופן: דער אויער האָט געהערט, ווי גאָט האָט געזאָגט, איהר זייט מיינע שקלאַפען און ניט שקלאַפען צו שקלאַפען, און ער איז געגאַנגען און האָט זיך פערקויפט, דארום זאָל זיין אויער געלעכערט ווערען.

דער בעל־הבית טאָר זיך ניט שאַפען מיט דעם עבד־עברי צו טהאָן שמוציגע אָדער מיאוס'ע אַרבייט; ער טאָר איהם ניט הייסען נאָכטראַגען זיינע קליידער אין מרחץ, פוטצען זיינע שיך וכדומה אַזעלכע אַרבייטען. דאָס אינטערעסאַנטעסטע דערביי איז, וואָס דיעזע „מיאוס'ע" סאָרטען אַרבייטען, מעג אַזוי אַ אידישער אַרבייטער יע טהאָן. אָבער ווייבאַלד, אַז איינער האָט זיך פערקויפט צום שקלאַף און ער פיהלט זיך ערניעדריגט און געפאַלען, טאָר מען איהם ניט לאָזען טהאָן אַזעלכע אַרבייטען, וואָס דערמאַנען אויף שקלאַפעריי (רמב"ם, הלכות עבדים).

דער בעל הבית טאָר בשום אופן זיך ניט אַרויסווייזען געגען איהם אַלס אַ הערשער; ער מוז איהם בעטראַכטען פאַר אַ ברודער, פאַר אַ גלייכען מיט זיך.

ער טאָר איהם ניט הייסען טהאָן אַרבייט וואָס ער דארף ניט.

ער טאָר איהם ניט לאָזען אַרבייטען פאַר אַנדערע.

ער טאָר דעם עבד עברי ניט געבען קיין אַנדערע שפייזען ווי ער געברויכט אַליין; ער טאָר איהם ניט געבען שוואַרצען ברויט, ווען ער עסט ווייסע; ער טאָר איהם ניט געבען קיין פרישען וויין, ווען ער אַליין טרינקט אַלטען; דער בעל־הבית טאָר אַליין ניט שלאָפען אויף פעדערען און לאָזען דעם עבד־עברי שלאָפען אויף שטרוי. ער דארף מיט איהם וואוינען אין דער זעלבער דירה און זיך אויפהאַלטען מיט איהם אין זעלבען פלאַטץ.

אויב דער עבד־עברי האָט אַ פרוי און קינדער, איז דער בעל־הבית מחויב זיי צו בעזאָרגען מיט אַלעם נויטהיגען, אָבוואָהל זיי זיינען אין גאַנצען פריי.

דאָס איז אַ פנים נאָך געוועזען וועניג פאַר די תלמודיסטען, און מיט איין שטריך האָבען זיי אין גאַנצען אָבגעשאַפט אידישע שקלאַפעריי. דער אופן ווי זיי האָבען עס געטהאָן אָהנע צו זיין אין ווידערשפרוך מיט דער תורה איז זעהר כאַראַקטעריסטיש און בעלעהרענד. אין דער תורה שטעהט, אַז דער „עבד־עברי" דארף אַרויס פריי אום יובל, זיינען די תלמודיסטען געקומען צום שלוס, אַז „עבד־עברי" איז בלויז מעגליך, ווען דער יובל־יאָהר עקזיסטירט, אָבער איצטער (דאָס הייסט אין די תלמודישע צייטען נאָכ'ן חורבן), ווען דער יובל איז בטל געוואָרען, מוז אידישע שקלאַפעריי ממילא בטל ווערען. דער יובל איז דאָך געוועזען אַ פריווילעגיע פאַר דעם עבד־עברי. אויב אידישע שקלאַפעריי זאָל אָנגעהאַלטען ווערען אויך איצטער, ווען דער „יובל" עקזיסטירט ניט מעהר, וועט דאָך עס הייסען, אַז דער עבד־עברי פערליערט אַ פריווילעגיע, און דאָס איז דאָך אונמעגליך.

בעלי־מלאכות אָדער „אומנין".

די בעציהונגען צווישען דעם בעל־הבית און דעם בעל־מלאכה אָדער אומן זיינען די דאָזיגע ווי צווישען צוויי גלייך־בערעכטיגטע און געזעלשאַפטליך גלייך־געשטעלטע מענשען. די געזעלשאַפטליכע לאַגע פון דעם בעל־מלאכה ווערט אין קיינע הינזיכטען ניט בעטראַכט אַלס אַן ערגערע פון דעם בעל־הבית. דער בעל־מלאכה איז אַ זעלבסטשטענדיגער מענש, וועלכער קען אַליין גופא אויך ווערען בעל־הבית צו יעדער צייט. ווען ער מאַכט פאַר יענעם אַ פאָאָר שיך, למשל, איז ער דער בעל־מלאכה; ווען יענער מאַכט פאַר איהם אַ ראָק, איז ער שוין דער בעל־הבית. דער בעל־מלאכה איז ניט אימער דער אַרבייטס־נעהמער, פונקט ווי דער בעל־הבית איז ניט שטענדיג דער אַרבייטס־געבער. גאַנץ אָפט און ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען בייטען זיי זיך אין זייערע ראָלען. זיי שטעהען דארום איינער צום אַנדערען אין גלייכע בעציהונגען, אין גלייכע פערהעלטניסע; האָבען איינער צום אַנדערען די זעלבע רעכטע און פפליכטע; קיינער פון זיי קען ניט האָבען אירגענד וועלכע פריווילעגיען געגענאיבער דעם אַנדערען.

דער גרויסער תלמודישער כלל בנוגע צו די אַלע סכסוכים, וואָס קענען אַרויסקומען צווישען בעל־הבית און בעל־מלאכה איז, אַזביידע צדדים זיינען גלייך געבונדען מיט דעם געשריעבענעם קאָנטראַקט אָדער דעם מינדליכען אָבמאַך, וואָס זיי זיינען פערפפליכטעט פינקטליך צו ערפיללען. דער צד וואָס האָט חרטה אָדער וויל ענדערען דעם אָבמאַך, יענער דארף ליידען דעם פערלוסט: „כל המשנה ידו על התחתונה וכל החוזר בו ידו על התחתונה" — דער צד וואָס ענדערט אָדער האָט חרטה, יענער האָט די אונטערהאַנד, דאָס הייסט, יענער האָט אויסצושטעהן דעם פערלוסט.

פּועלים.

גאַנץ אַנדערש שטעהט עס אָבער מיט די פּועלים, מיט די פּראָסטע ארבייטער, וואָס פּערדינגען זיך אויפ׳ן טאָג, אויפ׳ן וואָך אָדער אַזוי אויף אירגענד וועלכען משך פון צייט. דיעזע, זייענדיג ווירטהשאַפטליך די שוואכסטע אין דער געזעלשאַפט, זייענדיג עקאָנאָמיש אם ווענינסטען פערזיכערט, זיינען זיי דאַרום בערעכטיגט צו א ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט פון דעם געזעטץ, וועלכער נעהמט זיי אונטער זיין שוטץ.

דער אויבען־דערמאנטער פּרינציפּ פון „כל המשנה וחוזר ידו על התחתונה“, אַז דער וואָס ענדערט האָט די אונטערהאַנד איז ניט גילטיג אין בעצוג צום פּועל. ביי איהם איז דער כלל „יד פּועל על העליונה“, דער ארבייטער האָט אימער די אויבערהאַנד (ב״מ ע״ז). דער פּועל האָט דאָס רעכט אויפצוהערען די ארבייט ווען ער וויל, אפילו אין מיטען טאָג, און דער ארבייטסגעבער מוז איהם אבצאַהלען פאַר זיין ארבייט לפי ערך וואָס עס קומט איהם ארויס. אַן אויסנאהמע ווערט בלויז געמאַכט אין דעם פאַל, ווען דער ארבייטער ווערט געדונגען צו טהאָן אַזאַ ארבייט וואָס מוז שוין באלד געטהאָן ווערען, און מען קען עס ניט אבלייגען אויף שפּעטער, ווען ניט וועט זיין אַ גרויסער פערלוסט, און ווען קיין אַנדערע אַרבייטער קען מען אויך ניט קריגען. (ב״מ ע״ה).

אינטערעסאַנט איז די ערקלעהרונג, וואָרום דער ארבייטער האָט שטענדיג דאָס רעכט חרטה צו האָבען און אויפהערען די ארבייט: דער אַרבייטער איז אַ פרייער מענש און ניט קיין שקלאַף. (עבדי הם ולא עבדים לעבדים).

ווען איינער דינגט אַרבייטער און האָט מיט זיי אָבגערעדט, אַז זיי זאָלען קומען פריהער און אַוועקגעהן שפּעטער, ד. ה., אַז זיי זאָלען אַרבייטען „אָווער־טיים“, איז, אויב אין יענע מקומות איז ניט דער מנהג אַזוי פּיעל צו אַרבייטען, קען ער זיי ניט צווינגען, אפילו ווען ער האָט זיך מיט זיי בעדונגען אַ העכערען פּרייז ווי דער געוואוינליכער. די ארבייטער קענען טענה׳ן, אַז ער האָט זיי געגעבען אַ העכערען פּרייז, כדי זיי זאָלען טהאָן בעסער די ארבייט.

דער אַרבייטס־טאָג איז פון זונען־אויפגאַנג ביז זונען־אונטערגאַנג. די צייט וואָס דויערט דעם ארבייטער צו קומען פון זיין וואוינונג צום אַרבייטס־פּלאַטץ געהט אויפ׳ן חשבון פון בעל־הבית.

די שכירות פון דעם ארבייטער מוזען באַלד בעצאהלט ווערען. אויב ער איז אַ טאָג־אַרבייטער, האָט דער בעל־הבית צייט צו בעצאָהלען די שכירות אין פערלויף פון דער נאַכט; אויב ער איז אַ נאַכט־אַרבייטער, מוז די שכירות בעצאהלט ווערען אין פערלויף פון דעם טאָג. אויב ער ארבייט אויף אַ לייגגערען משך, אויף אַ וואָך אָדער אַ מאָנאַט וכדומה,, מוז די שכירות בעצאהלט ווערען אין פערלויף פון דעם טאָג, ווען דער משך ענדיגט זיך. דער פערבאָט ניט איינצוהאַלטען די שכירות פון דעם אַרבייטער איבער נאַכט געפינט זיך נאָך אין דער תורה. די תלמודיסטען האָבען דיעזען פערבאָט נאָך שטריינגער געמאַכט, בעהויפּטענדיג, אז ווען מען פערהאַלט די שכירות פון אַן ארבייטער איז גלייך ווי מען וואָלט איהם ערמאָרדען (כל הכובש שכר שכור כאלו נוטל נפשו ממנו). (ב״מ קי״ב).

ווען ער דינגט אַרבייטער און רעדט מיט זיי אויס, אז ער זאָל זיי שפּייזען, קענען זיי פאָדערען פון דאָס בעסטע, סיידען ער בעשטימט מיט זיי פאָראויס וואָס ער וועט זיי געבען צום עסען. „עס האָט פּאַסירט“, דערצעהלט די משנה, „אז ר׳ יוחנן בן מתיא׳ס זוהן האָט געדונגען אַרבייטער און האָט זיי פערשפּראָכען שפּייזען. ווען דער פאטער האָט עס דערהערט, האָט ער איהם געזאָגט: אפילו, אַז דו וועסט פאַר זיי מאַכען אַ סעודה ווי שלמה המלך, וועסטו פאַר זיי ניט יוצא זיין, ווייל זיי זיינען די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. געה גלייך, נאָך איידער זיי שטעלען זיך אַרבייטען, און זאָג זיי וואָס דו וועסט זיי געבען עסען.

ווי מיר האָבען שוין אויבען געהאַט די געלעגענהייט צו בעמערקען איז נאָך די אינדוסטריע אין יענער צייט געווען אין אַ זעהר ניעדעריגען צושטאַנד. דאָס רוב אַרבייטער זיינען געווען לאַנד אַרבייטער, וואָס האָבען געאַרבייט ביי פּרוכטען אָדער תבואות. דיעזע אַרבייטער האָבען לויט דעם דין געמעגט עסען פון די בעסטע פּרוכטען, תבואות און גרינסען ביי וואָס זיי האָבען געאַרבייט. די משנה פּסק׳ענט בפירוש, אז דער אַרבייטער קען וואַרטען מיט׳ן עסען ביז וואַנען ער קומט צו די בעסטע, און אַז ער מעג עסען פּרוכט אפילו ווען זיי קאָסטען אַ „דינר“ (אַזאַ מטבעה) אַ שטיק. ער מעג אויפעסען מעהר וויפיעל זיינע גאַנצע שכירות בעטרעפט. די משנה גיט בלויז אַן עצה, אַז ער זאָל עס ניט טהאָן, ווייל אויף אַזאַ אופן וועט איהם קיינער ניט וועלען געבען קיין אַרבייט. (ב״מ צ״ב).

ווען אַרבייטער האָבען אָנגעטהאָן אַ שאָדען ביי דער אַרבייט צוליעב נאַכלעסיגקייט, זיינען זיי על פּי דין שולדיג, אָבער מען דאַרף זיך מיט זיי בעגעהן לפנים משורת הדין. וועגען דעם האָט די גמרא צו דערצעהלען פאָלגענדע מעשה: ביי רבה בר בר־חנא האָ־

בען די לאַסט־טרעגער צוברעכן אַ פאַס וויין; האָט ער זיי פערהאַלטען זייערע בגדים. זיינען זיי געגאַנגען צו ר ב'ען, וועלכער האָט געהייסען זיי צוריקגעבען די קליידער. „רבי“, האָבען זיי גע'טענה'ט, „מיר האָבען אַ גאַנצען טאָג געאַרבייט, מיר זיינען אָרעמע לייט, מיר זיינען הונגעריג און מיר האָבען גאָרנישט“. „געה און בעצאָהל זיי די שכירות“, האָט רב גע'פסק'ענט. (ב"מ פ"ג).

ספּעציעלע אַרבייטער־שוטץ געזעטצע, וואָס זאָלען פערזיכערען דעם אַרבייטער אין פאַל פון אַן אונגליק, געפינען זיך אין תלמוד ניט. דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס לויט דעם דאַמאַלסדיגען צושטאַנד פון דעם אינדוסטריעלען לעבען זיינען אַזעלכע אונגליקען כמעט געוועזען אַן אונמעגליכקייט. און ווען עטוואָס זאָל יע האָבען ווען־עס־איז פּאַסירט, פלעגט דער פאַל בעהאַנדעלט ווערען לויט די געזעטצע פון בעשעדיגונגען (נזיקין) בכלל. די דינים פון נזיקין בכלל שליסען בשום אופן ניט אויס דעם אַרבייטער, וועלכער איז בעשעדיגט געוואָרען ביי דער אַרבייט אין דעם רשות פון דעם אַרבייטס־געבער.

דער גרויסער כלל אין בעשעדיגונגען איז, „אַז פאַר אַלעס וואָס איך בין פעראַנטוואָרטליך, מוז איך צאָהלען אין פאַל פון אַ בעשעדיגונג“ (בבא קמא ט'). די איינציגע אויסנאַהמע איז, ווען די בעשעדיגונג האָט געטראָפען אין דעם רשות פון דעם בעשעדיגער און דער בעשעדיגטער האָט ניט געהאַט קיין רעכט אַהין אַריינצוקומען. דיעזע אויסנאַהמע קען נאַטירליך ניט גילטען אויף דעם אַרבייטער, וועלכער קומט אין דעם רשות פון אַרבייטס־געבער מיט'ן לעצטענס צושטימונג.

און ניט בלויז איז דער בעל־הבית פעראַנטוואָרטליך פאַר אַן אונגליקס־צופאַל בשעת דער אַרבייט. נאָר אפילו ווען דאָס האָט פּאַסירט, ווען דער פועל איז געקומען מאַהנען זיינע שכירות. דער בעל־הבית קען ניט טענה'ן, אַז דער פועל האָט ניט געהאַט איצטער וואָס צו טהאָן אין זיין רשות, „מפני שרשאין פועלין לתבוע שכרן מבעל הבית“ — די אַרבייטער האָבען אַ רעכט צו קומען מאַהנען זייערע שכירות פון דעם בעל־הבית.

דאָס געזעטץ וועגען דעם לויטעט אַזוי: „אַז דער בעל־הבית איז געשטאַנען און געהאַקט האָלץ ב י י ז י ך א י ן ה ו י ף (דאָס הייסט, אין „רשות המזיק“) און דער אַרבייטער איז געקומען מאַהנען זיינע שכירות, האָט זיך אָבגעבראָכען אַ שפּאָן פון דעם האָלץ און איהם בעשעדיגט, איז דער בעל־הבית שולדיג (ב"ק ל"ב, ל"ג). דער בעל־הבית קען ניט זאָגען, אַז דער פועל האָט אַריינגעדרונגען אין אַ פרעמדען'ס רשות אָהן ערלויבניס, ווייל דער פועל האָט אַ רעכט צו מאַהנען זיינע שכירות.

און ווען דער תלמוד פּסק'ענט, אַז דער בעל־הבית איז שולדיג, ווערט דערמיט געמיינט, אַז ער דאַרף בעצאָהלען פאַר פינף זאַכען:

1) נ ז ק, פאַר דעם שטענדיגען שאָדען וואָס ער האָט איהם פעראורזאַכט, אויב ער האָט איהם אויסגעבראָכען אַ האַנד, אַ פוס אָדער אַן אַנדער גליעד. ער דאַרף איהם דאַן בעצאָהלען דעם ווערטה פון דעם בעשעדיגטען גליעד.

2) צ ע ר, ער דאַרף איהם אויך בעצאָהלען פאַר די שמערצען און יסורים, וואָס דער בעשעדיגטער האָט דערביי געליטען.

3) ר פ ו י, ער דאַרף בעצאָהלען פאַר דעם דאָקטאָר און פאַר די רפואות.

4) ש ב ת, ער דאַרף אויך בעצאָהלען דערפאַר, וואָס ער האָט איהם געמאַכט אונפעהיג צו דער אַרבייט.

5) ב ו ש ת, ער דאַרף אויך בעצאָהלען פאַר דעם בזיון, וואָס ער האָט איהם פעראורזאַכט.

ווען דער בעשעדיגטער איז דערפון געשטאָרבען, דאַן ווערט דער בעל־הבית בעהאַנדעלט לויט די געזעטצע פון אַ „רוצח בשוגג“, פון אַ מערדער וואָס האָט איינעם געטויט אונגערן.

* * *

דאָס תלמודישע געזעטץ איז אָהן צווייפעל געוויסערמאַסען אויך בעאיינפלוסט געוואָרען פון דעם רוימישען געזעטץ, אָבער אין עיקר איז עס אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם מאָזאַאישען געזעטץ. גלייכהייט פאַר דעם געזעטץ, רחמנות צום נעקסטען און פרעמדען, שוטץ פאַר דעם אָרעמען און שוואַכערען, די רעכטע פון דעם יחיד און דעם כלל—דאָס זיינען די הויפּט יסודות אויף וועלכע דאָס תלמודישע געזעטץ איז בעגרינדעט. מיט דעם אונטערגאַנג פון אידישען פאָלק אַלס אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל קענען פיהרען אירגענד וועלכען זעלבסטשטענדיגען יורידישען לעבען, איז אויך איבערגעריסען געוואָרען דער גאַנג פון דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דעם אידישען געזעטץ. די אַלערלייא הלכה־ספרים, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען נאָך דעם חתימת התלמוד, זיינען בלויז וויעדערהאָלונגען פון די אַלטע געזעטצע, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט די אַלטע פאָרמען פון לעבען. דאָס אידישע געזעטץ, געגרינדעט אויף די אויבען־דערמאַהנטע פּרינציפּען, האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט זיך צו ענטוויקלען, אַז עס זאָל אויך קענען אָנגעווענדעט ווערען אויף'ן מאָדערנעם לעבען מיט די מאָדערנע בעדינגונגען.

אונז שיינט, אַז די מענשהייט האָט דערביי פיעל פערלאָרען.

לייבניידוס

דריי פּעען

עס זיצען דריי פּעען, דריי פּעען און וועבען.
די ערשטע — א קינד נאָך, מיט לייניגע לאָקען,
מיט אויגלעך, וואָס קוקען פערוואונדערט־צושראָקען,
מיט פינגערלאך ראָזע, וואָס לויפען און שוועבען.

די צווייטע — א הויכע, מיט ליידענשאַפטס־בליקען,
ערפילט איז איהר זעעלע מיט אונרוה און קלאַנגען,
עס הויבט זיך איהר ברוסט פון פערשייטע פערלאַנגען,
און ס'צאַפּלען די פינגער פון יוגענד־ענטציקען.

די דריטע — שוין אַלט, מיט פערלאָשענע אויגען,
מיט אויגען פערנעבעלטע, קאַלטע און שטומע,
דאָס פּנים צואַקערט אין קנייטשען אין קרומע,
די ברוסט איז געשרומפּפען, די פּלייצע געבויגען,

די ערשטע אין ווייסען, די צווייטע אין רויטען,
די דריטע פערוויקעלט אין שוואַרצע געוועבען —
זיי זיצען און וועבען דאָס מענשליכע לעבען,
פון זוניגער וויעג ביז דעם גרענעץ דעם טויטען.

עס זיצען דריי פּעען, דריי פּעען און וועבען —
עס דרעהט זיך דאָס רעדעל, מיט פעדים פערשפּונען;
א גליק ווערט געבוירען, א גליק ווערט צורונען.
און ס'לויפען אָהן אויפהער די שנעלע געוועבען.

לעאָ דייטש

וויקטאר אדלער און די עסטרייכישע סאציאל דעמאקראטי

(צום 25־יאָהריגען יובילעאום פון דער עסטרייכישער ס.־ד.)

מיט 3—4 וואָכען צוריק האָט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראטיע געפייערט דעם 25־יעהריגען יובילעאום פון איהר גרינדונג. די גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט האָט דעם יום־טוב מיטגעפייערט.

די געשיכטע פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע איז ענג פערבונדען מיט דעם נאָמען פון וויקטאָר אדלער. ער איז די פערקערפּערונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, פּונקט ווי דער ניט לאַנג פערשטאָרבענער אויגוסט בעבעל איז געוועזען די פערקערפּערונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, זשול געד — פון דער פראַנצויזישער, פּלעכאַנאָוו פון דער רוסישער. נאַטירליך, האָט מען פון וויקטאָר אדלער די לעצטע צייט פיעל גערעדט; די וואָס האָבען איהם פּערזענליך געקענט, האָבען מיטגעטיילט זייערע ערינערונגען, זייערע איינדריקע. איך בין איינער פון זיי — איך קען אדלער'ן פּערזענליך, און איך גלויב, אז פאר די לעזער פון אידישען סאָציאַליסטישען זשורנאַל וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, ווער איז וויקטאָר אדלער. נאָך מעהר דערפאר, ווייל ער איז איצט די אָנגעזעהענסטע אידישע פיגור אין

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

* * *

כדי דער לעזער זאָל אָבשעצען אדלערס בעדייטונג פאַר דער עסטרייכישער ארבייטער בעוועגונג, מוז מען זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם, ווי עס האָט אויסגעזעהן די ארבייטער בעוועגונג פון עסטרייך, איידער ער איז ארויסגעטרעטען.

עסטרייך איז נאָך איצט אויך ניט קיין ערשט־קלאַסישע קאַפּיטאַליסטישע מדינה. מלאכה און קליינער לאַנד־בעזיץ שפּיעלען נאָך עד־היום אין עסטרייך די הויפּט ראָלע. בפרט נאָך מיט 25—30 יאָהר צוריק. און דאָרט וואו דער קאַפּיטאַליזם איז אָבגעשטאַנען, קאָן ניט געבען קיין צאָהלרייכער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז דער אייגענטליכער טרעגער פון סאָציאַליזם.

צווייטענס, איז דאָ נאָך אן אורזאכע, וועלכע האָט געשטערט דער ענטוויקלונג און דער פערשפּרייטונג פון סאָציאַליזם אין דיעזען לאַנד. עסטרייך איז בעוואוינט פון פערשיעדענע פעלקער, — דייטשען, פּאָליאַקען, אונגארן, טשעכען, רומענער,—און זיי פיהרען פון אייביג אן אַ העפטיגען קאַמפּף צווישען זיך. מיט פעלקער־האס איז אָנגעזויגען די לופט אין עסטרייך. די אינערליכע פּאָליטיק פון לאַנד איז פּאָלשטענדיג בעהערשט פון דעם ברודער־קאַמפּף צווישען די שכנ׳ישע נאַציאָנען. די רעגיערער, די האבסבורגער־דינאַסטיע, האָבען זיך קונציג בענוצט דערמיט און האָבען אויפגעבויט אויף דעם זייער הערשאַפט.

עס איז קלאר, אז אדלער האָט זיך אָנגעשטויסען אויף שוויעריגקייטען, ווי קיין אַנדער סאָציאַליסטישער טהוער אין קיין אנדער לאַנד. אָבער ער האָט בייגעקומען אַלע שטערונגען. פון אַ לאַנג־יעהריגען קאַמפּף איז ער ארויס דער זיעגער און ער האָט זיך בעליעבט געמאַכט ביי אלע נאַציאָנען און ביי אַלע קלאסען פון דער בעפעלקערונג. ווער איז אדלער און ווי אזוי האָט ער עס דערגרייכט?

אַ זוהן פון וואוילהאבענדע אידישע עלטערן, איז ער געבאָרען געוואָרען אין פּראג, אין 1852. אין וויען האָט ער שטודירט און געענדיגט מעדיצין און ער איז אויך דאָרט פערבליעבען פּראַקטיצירען. דאָ, אין זיין פּראָקטיק צווישען די ארימע קלאסען פון דער בעפעלקערונג פון הויפּט־שטאָדט, האָט ער זיך אַנגעשטויסען אויף שוידערליכע פאקטען פון עלענד. אויף זיין איידעל, ווייך הארץ האָט עס געמאַכט אן אונגעהייערע ווירקונג. ער האָט זיך גענומען מאַטערן מיט דער פּראָבלעם: ווי אזוי לינדערט מען די ליידען פון די מיליאָנען? ער האָט זיך געפּייניגט מיט אַ פראגע, וועלכע פיעלע פטר׳ן אָב אַזוי לייכט, מיט אַ קרעכץ, אָדער מיט אַ לעבליכען טרויסט: ווי אַזוי שאַפט מען אָב דעם צושטאַנד, אז אויף דעם גורל פון די, וואָס האָרעווען אַם מעהרסטען, זאָלען ניט אויספאַלען די מעהרסטע ליידען!

דאָס איז געווען אין די 70ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהר־הונדערט. דאַמאלס איז אין עסטרייך, אַזוי ווי אין די אנדערע אייראָפּעאישע לענדער, קיין שטאַרקע סאָציאַליסטישע בעוועגונג ניט געווען און אויף וויפיעל עס איז יא עפּעס געווען האָט עס קיין בעשטימטען פּנים ניט געהאַט. עס זיינען געווען גרעסערע אָדער קלענערע גרופּען און קרייזלאַך פון אינטעליגענטע יונגע לייט, בעלי מלאכות און ארבייטער, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר „ראַדיקאַלען“. אונטער „ראַדיקאַליזם“ האָט מען דאַמאַלס פערשטאַנען אַ געמיש פון שטיקלאַך און ברעקלאַך פון פערשיעדענע סאָציאַליסטישע לעהרען. געטהאָן האָבען זיי ווייניג וואָס און נאָך ווייניגער האָבען זיי געוואוסט, וואָס זיינען די אמת׳ע ציעלען פון סאָציאַליזם. צווישען זיך האָבען די גרופּען מורא׳דיג געקעמפּפט. זיי זיינען גיכער געווען אַנארכיסטיש, ווי סאָציאַליסטיש.

ווען וויקטאָר אדלער האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דער אַרבייטער פראַגע, האָט ער באַלד איינגעזעהן, אז ביי זיך אין דער היים, פון די „פיהרערלאַך“ פון די סאָציאַליסטישע קרייזלאַך האָט ער ניט וואָס צו לערנען. און ווייטער האָבען אויך ניט דייטשלאַנד און ניט פראַנקרייך זיך דאַמאלס געקאָנט בעריהמען מיט אַ ברייטער אַרבייטער בעוועגונג. בלויז ענגלאַנד איז געווען אן אויסנאַהמע. דאָרט איז די טרייד־יוניאָניסטישע בעוועגונג געשטאַנען זעהר הויך. און אדלער לאָזט זיך אַוועק קיין ענגלאַנד.

די ענגלישע טרייד־יוניאָנס זיינען אויך איצט נאָך ווייט פון סאָציאַליזם. דאַמאלס האָבען זיי זיך פערהאַלטען צו איהם מיט דירעקטער פיינדשאַפט. אדלער האָט זעהר ווייניג ארויסגעטראָגען פון ענגלאַנד. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט דערזעלבער אַדלער: אן אידעאַליסט, מיט זעהר גוטע כונות צו העלפען די אונטערדריקטע, אָבער וועלכער ווייס אייגענטליך ניט וואָס מען טהוט דערצו.

קומענדיג אהיים, נעהמט זיך אַדלער מיט אַנדערע פאָרטגעשריטענע מענער (ווי פערנערסטאָפער, העגער און אַנדערע) אָרגאַניזירען אַ „דעמאָקראַטישע פּאַרטיי“. איהר אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין דער קאַמפּף מיט דער רעאקציאָנערער רעגיערונג און מיט די „ליבעראַלען“, וועלכע האָבען זיך ארויסגעגעבען פאַר „אַרבייטער־פריינד“ און האָבען גאָרנישט געטהאָן צו בערעכטיגען זייער נאָמען. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געווען שטאַרק צוגעפאַרבט מיט סאָציאַליזם, ווען אפילו פון או־

טאַפּישען מין, און, נאַטירליך, קיין בעלנים
אריינצוטרעטען אין איהר זיינען ניט געוועןֿ.
אַדלער האָט באַלד איינגעזעהן די נוצלאָזיגקייט
פון זיין פּארטיי און ער האָט איהר פונאַנדער־
געלאָזען.

שפּעטער האָט ער אָהן אַ שמייכעל ניט
געקענט ריידען וועגען אָט דער פּראָבע זיינער
צו געווינען די בעסערע ליבעראַלען פאַר די אַר־
בייטער. ער פלעגט אימער זאָגען: אַזוי
ווי עס זיינען פאַרהאַן געוויסע קינדער־
קראַנקהייטען, זיינען אויך פאַרהאַן געווי־
סע פּאָליטישע יוגענד־קראַנקהייטען, וועלכע
יעדער פּאָליטישער טהוער מוז דורכמאַכען. און,
ווירקליך, פּיעלע שפּעטערע אַרבייטער־פיהרער
האָבען אין דער יוגענד געזינדיגט מיט אַ וועל־
כע עס איז פּראָבע צונויפצופיהרען די קאַפּי־
טאַליסטען מיט די אַרבייטער אויף אַ מיטעל־
וועג, אונטערצוטרייבען דעם פּראָגרעס דורך
קלאַסען־פריעדען, און ניט דורך קלאַסען־קאַמפף.
דאָס האָבען ניט אויסגעמידען ניט בעבעל, ניט
וואַנדערוועלדע און ניט האַינדמאַן...

* * *

דורכמאַכענדיג אַזאַ ערפאַהרונג און אונ־
טער דער ווירקונג פון דער וואַקסענדער סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד, איז אַד־
לער אין 1880 געוואָרען אַ פּייעריגער אנהענגער
פון קאַרל מאַרקס. דער 28־יעהריגער דאָקטאָר
וואַרפט אַוועק זיין פּראַקטיק און גיט זיך אין
גאַנצען אָב מיט פּראָפּאַגאַנדא און אַגיטאַציע
פון סאָציאַליזם.

דער אנהויב פון אדלער'ס סאָציאַליסטישער
טהעטיגקייט איז אויסגעקומען אין איינעם
פון די רעאַקציאָנערסטע מאָמענטען אין מערב־
אייראָפּא. עסטרייך האָט דעמאָלס פערמאַגט
פונקט אַזאַ קאָנסטיטוציע, ווי רוסלאַנד איצט.
די רעוואָלוציע פון 1848 אין עסטרייך האָט
געהאַט דעמזעלבען ערפאָלג ווי די רעוואָלוציע
פון 1905 אין רוסלאַנד. די אונבעריהרליכקייט
פון דער פּערזאָן, איהר רעכט אויף פרייע מיי־
נונג איז ניט אבגעהיט געוואָרען. די רעגיערונג
האָט געטהאָן וואָס זי וויל מיט די אַנהענגער פון
ראַדיקאַלע אַנשויאונגען. און דאָ איז נאָך אונ־
טערגעקומען דער איינפלוס פון דייטשלאַנד.
ביסמאַרק האָט זיך בענוצט מיט די צוויי אַטענ־
טאַטען אויף קייזער ווילהעלם פון העדעל און
נאָבילינג, וועלכע זיינען גאָר קיין סאָציאַ־
ליסטען ניט געווען, און האָט גע'פועל'ט ביים
רייכסטאַג אַן אויסנאַהמס־געזעץ געגען די סאָ־
ציאַליסטען. דאָס איז געווען אין יאָהר 1878.
עסטרייך, ווי אימער, האָט תיכף נאָכגעטהאָן
דייטשלאַנדס ביישפּיעל. אַ האָגעל פון הויז־
זוכונגען, אַרעסטען, קאָנפיסקאַציעס האָט זיך
אַ שאָט געטהאָן אויף די קעפּ פון די סאָציאַ־
ליסטען.

אַ חוץ די פערפאָלגונגען פון דער רעגיע־
רונג, האָט די יונגע סאָציאַליסטישע בעווע־
גונג פון עסטרייך געהאַט צו ליידען פון די אוי־
בען דערמאָהנטע אנאַרכיסטישע גרופּען און
קרייזלאַך. זיי זיינען אָנגעפאַלען אויף אַדלער'ן
מיט זייערע געוועהנליכע טענות. געהן אין
פּאַרלאַמענט האָט געהייסען „פערראַט", האָט
געהייסען פערקויפען דעם אַרבייטער קלאַס צו
די קאַפּיטאַליסטען, האָט געהייסען מאַכען
שלום מיט דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. די
ווירקליכקייט האָט שפּעטער בעוויזען, אַז די
„עקסטרעמע" זיינען פיעל גיכער געניינט צו
מאַכען שלום מיט דער עקזיסטירענדער אָרדנונג,
ווי די אַנהיינגער פון רעוואָלוציאָנערען מאַרק־
סיזם. פּיעלע פון די אַנאַרכיסטען זיינען נאָכ־
הער געוואָרען גאַנץ פריעדליכע בעלי בתים.
אָבער דאַמאָלס האָבען די דאָזיגע „עקסט־
רעמע" אויסגעבאָרגט ביי די רוסישע טעראָ־
ריסטען זייער מיטעל: „די פּראָפּאַגאַנדע דורך
טהאַט" און דורך ערמאָרדונג פון רעגיערונגס־
מענשען, האָבען זיי געגלויבט, וועלען זיי מאַ־
כען אַ סוף צו דער היינטיגער אָרדנונג און דער־
נעהענטערן די גאולה — „די פרייע פעדעראַציע
פון געמיינדען און גרופּען".

* * *

צוליעב דיזע אַלע אומשטענדען האָט זיך
געדוכט, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיך אין עסט־
רייך ניט אָננעהמען. די אַנאַרכיסטען האָבען
נאָך געהאַט אָנצואווייזען אויף דעם ביישפּיעל
פון דייטשלאַנד, וואו די סאָציאַליסטען כאָטש
זיי האָבען שוין פערנומען פּלעצער אין רייכ־
סטאַג, האָבען מיט אַמאָל, מיט איין פעדער־
שטריך, דורך די אַנטי־סאָציאַליסטען געזעצע,
פערלאָרען די מעגליכקייט צו זיין טהעטיג
פּראַקטיש, בפרט נאָך אין אַזאַ לאַנד, ווי עסט־
רייך, וואו די סאָציאַליסטען האָבען ניט געהאַט
די מינדעסטע געלעגענהייט אַרויסצוטרעטען
אָפען. אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געבראָכען
דעם מוט פון אַדלער'ן און זיין הייפעלע מיט־
העלפער. זיי האָבען פּאָרטגעזעצט צו פּראָ־
פּאַגאַנדירען די נויטוועגדיגקייט פריהער פון
אַלץ צו ענטוויקלען דאָס קלאַסען־בעוואוסטזיין
פון די אַרבייטער.

אין 1888 גיט זיך איין אַדלער'ן צו גרינ־
דען אַ וועכענטליכע צייטונג „גלייכהייט", וועל־
כע ניט קוקענדיג אויף אַלע פערפאָלגונגען עק־
זיסטירט גאַנצע דריי יאָהר. ארום דיזע צייט־
טונג האָבען זיך גענומען זאַמלען אלע אנהענ־
גער און געזינונגס־גענאָסען פון איהר אונער־
מידליכען רעדאַקטאָר. אין דער צייטונג און
אויף מיטינגען האָט אדלער מיט זיינע אנהענ־
גער פּראָפּאַגאַנדירט די נויטוועדיגקייט פון אַ
צוזאַמענפאָהר פון אַלע סאָציאַליסטען. אַזאַ צו־
זאַמענפאָהר איז זיך צונויפגעקומען ענדע דע־
צעמבער 1888, אין האַינפעלד, און פון דיזען
האַינפעלדער צוזאַמענפאָהר צעהלט די עסטריי־

כישע סאציאל־דעמאקראטיע איהר עקזיסטענץ.

עס איז שווער אין א קורצען ארטיקעל איבערצוגעבען אלעס, וואס אדלער האט געטהאן פאר דער עסטרייכישער סאציאל־דעמאקראטיע. דער מענש איז פערשיעדענארטיג בעגאבט; אין דעם האט ער קיין גלייכען ניט אין דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער בעוועגונג. ער איז פראפאגאנדיסט, אגיטאטאר, ארגאניזאטאר און טאלענטפאלער זשורנאליסט. די טעגליכע „ארבייטער־צייטונג“, וועלכע ער רעדאגירט, רעכענט זיך פאר איינע פון די בעסטע צייטונגען אין דער דייטשער שפראך.

איך וויל דא נאך אונטערשטרייכען נאך אן אייגענשאפט פון אדלערס כאראקטער. אויסער בעבעל׳ן, האבען מיר, סאציאליסטען, נאך אזא טאקטיקער ניט געהאט. ער פערשטעהט צו פעראייניגען ארום איין געמיינשאפטליכער ארבייט די פערשיעדענארטיגסטע עלעמענטען, וואס אזוי האלטען זיי זיך אין איין ארומרייסען וועגען טעאריען. אלס פיהרער פון א פארטיי, וועלכע נעהמט ארום פערשיעדענע נאציאנאליטעטען, איז איהם דיזע אייגענשאפט זעהר צוניץ געקומען.

אליין איז ער פאר א שטרענגער צענטראליזירטער פארטיי, דאך איז ער גרייט צו יעדער צייט עטוואס צו פערבויגען פון זיינע אנשויאונגען, ווען דאס פאדערט דאס לעבען און דער פארטשריט פון דער פארטיי. און ווען אין דער עסטרייכישער סאצ.־דעמאקראטיע האט אבגעהאלטען דעם נצחון יענער טייל איהרער, וועלכער האלט, אז די פארטיי דארף זיך צונויפשטעלען פון אויטאנאמע נאציאנאלע גרופען, האט ער מיט אלע זיינע כוחות גענומען שטיצען די נייע פעדעראטיווע ארגאניזאציע פון דער פארטיי.

און דיזעלבע ראלע אלס „פריעדענשטיפטער“ שפיעלט ער אויך אויף די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסען. בעזונדערס האט ער זיך אויסגעצייכענט אויף דעם אמסטערדאמער קאנגרעס פון 1904, ווען עס איז אויפגעקומען די פראגע, צי דארפען סאציאליסטען אריינטרעטען אלס מיטגליעדער אין בורזשואזע רעגיערונגען. די פראנצויזישע פארטיי האט זיך דאמאלס געשפאלטען אויף צוויי פיינדליכע טיילען צוליעב מעשה־מילעראן, וועלכער האט אנגענומען א מיניסטעריעלען פארטפעל. איין טייל, אונטער דער פיהרערשאפט פון זשארעס, האט איהם געגעבען גערעכט, דער אנדערער האט העפטיג פראטעסטירט. האט אדלער, צוזאמען מיט וואנדערוועלדע, דעם בעלגישען פיהרער, אריינגעטראגען א רעזאלוציע, וועלכע האט צופריעדענגעשטעלט ביידע צדדים.

איך וויל נאך זאגען א פאאר ווערטער וועגען דעם איינדרוק, וואס אדלער מאכט ביי א פערזענליכער בעקאנטשאפט. בעזוכט האב איך איהם אין פריהלינג 1904, דורכרייזענדיג וויען. מיר האבען זיך פריהער ניט געקענט. ער איז ארויסגעטראטען און געווארען א קענטיגע פיגור אין דער סאציאל־דעמאקראטיע, בעת איך האב פערבראכט אין ווייטען סיביר. דאך, ניט קוקענדיג וואס פון דער דרוקעריי האט מען איהם געאיילט — מען האט געפאדערט קאפיע פאר׳ן לויפענדען נומער — האט ער מיך פערהאלטען. זעהר אויספיהרליך מיך פונאנדערגעפרעגט וועגען די רוסישע אנגעלעגענהייטען, וועגען די מיינונגס־פערשיעדענהייטען אין אונזערע רייהען און וועגען מיין לעבען. און אזא אויפנאהמע קריעגט ביי איהם יעדער איינער, וועלכער ווענדט זיך צו איהם, כאטש ער איז פון דער פריה ביז שפעט פערווארפען מיט ארבייט.

פאר דעם פיערטעל יאהרהונדערט פון איהר עקזיסטענץ האט די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטיע פערנומען א פלאץ צוגלייך מיט דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע. אין 1905 האט זי זיך דערשלאגען, נאך א לאנגיעהריגען קאמפף, אלגעמיינע וואהל־רעכט, וואס האט גלייך אריינגעבראכט אין עסטרייכישען רייכסטאג א פאאר צעהנדליג סאציאל־דעמאקראטען, און א גרויסען טייל פון דיזען געווינס האט מען צו פערדאנקען דער פרוכטבארער טהעטיגקייט פון אדלער׳ן.

און זיין טהעטיגקייט וועט נאך לאנג אנהאלטען. ער איז איצט אלט 62 יאהר — אבער ער איז נאך פונקט אזוי פריש, מונטער און ארבייטספעהיג ווי ביז אהער. פאר די 25 יאהר — א פערהעלטניס־מעסיג קורצע צייט פאר אזא גרויס לאנד, ווי עסטרייך — האט ער געזעהן דעם אונגעהויערן וואוקס פון סאציאליזם אין עסטרייך, ער וועט נאך זוכה זיין צו זעהן זיין טיילווייזע פערווירקליכונג.

אדלער׳ס נאמען וועט פערבלייבען אין דער געשיכטע, צוגלייך מיט די נעמען פון די גרעסטע קעמפפער פאר דער בעפרייאונג פון דער בערויבטער און אונטערדריקטער מענשהייט.

שלום אַש

די יורשים

אַ דראַמע אין 4 אַקטען.

Copyright, 1914, by Sch. Asch

ד ר י ט ע ר אַ ק ט.

(אין סאַלאָן ווי אין ערשטען אַקט. מ' מייזנער זיצט ביים פענסטער און נעהט. עס טונקעלט. עס קומט אַריין פון גאַס)

ה' מייזנער. גוטען אָוועגד, מאַמאַ. (קושט איהר די הענד). וואָס מאַכט דאָס קינד ?

מ' מייזנער. איז ביי זיך אין צימער. זי האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט.

ה' מייזנער. דאָס קינד לאָזט מיך נישט רוהיג איינזיצען אין באַנק. — האָט זי גערעדט מיט דיר ?

מ' מייזנער. נײן.

ה' מייזנער. האָט זי דיר גאָרנישט געזאָגט וועגען הראַביע, וועגען שידוך ?

מ' מייזנער. זי פרעגט זיך אויפ'ן ברודער, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דער היים.

ה' מייזנער (דערשראָקען). און וואָס האָסטו איהר געענטפערט ?

מ' מייזנער (שווייגט).

ה' מייזנער. אום גאָטעס ווילען, דאָס קינד טאָר פון קיין זאַך נישט וויסען — יעצט, אין איהר צושטאַנד !

מ' מייזנער. וועסט דאָך נישט בעהאַלטען פאַר איהר דאָס, וואָס אַלע וויסען. זי ווייס גאַנץ גוט, אַז איהר ברודער איז מיט איהר אין איין שטאָדט און קומט נישט אַהיים, און זי פרעגט מיך, פאַרוואָס.

ה' מייזנער. אָבער וואָס האָסטו איהר געענטפערט ?

מ' מייזנער. איך האָב איהר געזאָגט— איך ווייס נישט, וואָס מיין זוהן האָט צו אונז, פאַר וואָס ער וויכט אונזער הויז, וואָס ער איז געגאַנגען זוכען. איך ווייס נישט. איך ווייס נישט, וואָס זיי ווילען. (זי וויינט).

ה' מייזנער (געריהרט). נו, בערוהיג דיך. זיי וועלען סיי ווי סיי גאָרנישט געפינען. עס איז גאָרנישטאָ. ער וועט צוריק קומען, צוריק קומען, דיין זוהן. נישט היינט, איז מאָרגען. עס איז גאָרנישטאָ, וואָס צו זוכען.

מ' מייזנער. אָבער עס איז דאָך מיר אַ שאָד זיינע יונגע יאָהרען.

ה' מייזנער. בערוהיג דיך, מאַמאַ. דאָס פייער וועט זיך אַ מאָל אויסלעשען, — נאָר דאָס קינד בעהאַלט מיר. איך האָב מורא פאַר איהר, איך האָב מורא — יעצט, ביי איהר צושטאַנד — זי זאָל נישט דאָס טון, וואָס איהר ברודער.

מ' מייזנער (דערשראָקען). בערנאַרד, וואָס רעדסטו !

ה' מייזנער. עס איז אַנשטעקענד, מאַמאַ. פאַרזיכטיג ! (אין דער שטיל). איך וואָלט שוין ליעבער געוואָלט, אַז עס זאָל ווערען דער שידוך מיט'ן הראַביע — איידער דאָס . . . די קינדער ליעבען זיך. אַראָב די זאָרג פון קאָפּ.

מ' מייזנער. געוויס, בערנאַרד, וואָלט עס גלייכער געווען.

ה' מייזנער. נאָר דאָס געשפּרעך פון דער הראַבינע געפעלט מיר נישט. מיר האָבען נישט אויפגעצויגען אַ קינד פאַר זיי. און אונזער קינד האָט זיך מיט אונז נישט וואָס צו שעמען, איך וועל עס איהם זאָגען ביי דער ערשטער געלעגענהייט. איך האָב ליעב קלאָרע סיטואַציאָן. (מען רודערט הינטער דער טיר). ווער דאָרט ? — (עס קומט אַריין ר' שמואל). טאַטע — דו ? וואָס איז ?

ר' שמואל (קוקט זיך אַרום אין שטוב, זאָגט מיט אַ געדעמפּטער שטים). עפּיס ניט גוטס טוט זיך דאָ ביי דיר אין שטוב, מיין זוהן, עפּיס וואָס געהט דאָ פאָר, וואָס מיר געפעלט ניט.

ה' מייזנער (פערוואונדערט). וואָס איז ? וואָס איז געשעהן ? האָט דיך ווער בעליידיגט ?

ר' שמואל. מיך נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דו געהסט בעליידיגען גאָט. — איז גאָטס כבוד קלענער פון מיינעם ? — זאָג מיר, מיין זוהן, קען איך נאָך ביי דיר אין שטוב אַ ברכה מאַכען ? איז נאָך גאָט דאָ ביי דיר אין שטוב ?

ה' מייזנער. אָבער וואָס מיינסטו, טאַטע ?

ר' שמואל (געהט נעהנטער צו איהם). דו ווייסט, וואָס איך מיין. איך האָב מיך אויפגעהאַלטען אין דיין הויז, איך האָב פערטראָגען אַלע עולות, וואָס דו טוסט קעגען גאָט, ווייל איך

האָב געוואָלט ראַטעווען דיין הויז מיט מיינע תּפלות, מיט מיין תּהלים זאָגען. איך האָב מלחמה געהאַלטען מיט'ן שטן — (ער געהט גאַנץ נאָהנט צו צו איהם). זאָג, האָט ער שוין גובר געווען ?

ה' מייזנער (קומט אויפ'ן זין). אהאַ, דאָס מיינסט דו ? קעגען דעם קען איך גאָרנישט טון. מיר לעבען, טאַטע, אין אַ ציוויליזירטען צייט־אַלטער. — אַלע מענשען זיינען גלייך, און איינער דאַרף נישט דעם צווייטען שטערען. קיינער שטערט דיך נישט דיר דיינע תּפלות צו זאָגען, דאַרפסט דו אויך נישט דעם צווייטען שטערען צו לעבען, אַזוי ווי ער פערשטעהט און ער קען. דאָס הייסט טאָלעראַנץ — מען דאַרף טאָלעראַנט זיין.

ר' שמואל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). אַז איך זעה, ווי מיין ליכט לעשט זיך אויס, ווי מיין קינד מאַכט אַן ענד פון דעם אַלעם, וואָס איך און מיינע עלטערן האָבען געראַטעוועט מיט זייער בלוט, — דאַרף איך גאָרנישט זאָגען ? אַז איך זעה די גרוב, אין וועלכער איך און אַלץ, וואָס קומט נאָך מיר, פאַלט אַריין, ווי אין אַ שוואַרצען תּהום, דאַרף איך גאָרנישט זאָגען ? הייסט דאָס טאָלעראַנץ ?

ה' מייזנער. דו וועסט דעם צייט־אַלטער נישט אָבשטעלען. דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציאָן ניט שטערען. מיר זיינען ציוויליזירטע מענשען. מיר לעבען אין אַ צייט, וואו אַלץ איז גלייך — אַלע מענשען זיינען גלייך, דינען צו איין גאָט — טאָלעראַנט דאַרף מען זיין.

ר' שמואל. טאָלעראַנט דאַרף מען זיין ! איך פערשטעה דיך, מיין זוהן, איך פערשטעה דיך . . . (געהט אַרויס).

ה' מייזנער. און בערוהיג דיך, פּאַפּאַ. גלויב מיר, אַז גאָט אַליין האָט דאָס געטאָן —

(עס קומט אַריין יאַן און מעלדעט). דער פאַן דאָבראָוואָסקי.

ה' מייזנער (פערוואונדערט). דער פאַן מיכאַל ? מאַמאַ, וואָס קאָן דאָס זיין ? (צו יאַן). בעט אַריין. (דערמאַנט זיך אָן פּאָטער, ער רופט נאָך). טאַטע, מיר וועלען נאָך רעדען דערפון. (צו דער מאַדאַם). דער הראַביע, וואָס האָט ער צו מיר ?

מ' מייזנער. מוזט איהם עמפּאַנגען. — זאָל איך אַרויסגעהן, אפשר האָט ער מיט דיר עפּיס צו רעדען ?

ה' מייזנער. בלייב נאָר, מאַמאַ, בלייב נאָר. לאָמיך הערען, וואָס ער וויל.

(עס קומט אַריין מיכאַל, אָפיציעל אָנגעטאָן, פערבויגט זיך. די מאַדאַם שטרעקט איהם אויס די האַנד. ער קושט דער מאַדאַם די האַנד).

ה' מייזנער. ווילט איהר צו מיין טאָכטער ? (ער וויזט אויף דער טיר). זי איז ביי זיך אין צימער.

מיכאַל. ניין, ה' מייזנער, איך בין געקומען צו אייך.

ה' מייזנער. צו מיר ? — ביטע, מיט וואָס קאָן איך דינען ? ערלויבט, זעצט זיך. (ווייזט אָן אַ שטוהל).

מיכאַל. איך בין געקומען אייך פערציהונג בעטען פאַר דעם מיספערשטענדניס, וואָס איז אַרויסגעקומען דורך מיין שוועסטער.

ה' מייזנער. די פערצייהונג געהער נישט אונז, נאָר דער, וואָס האָט געליטען.

מיכאַל. די עהרע פון אייער טאָכטער איז מיין עהרע, און איהר צער איז מיין צער, און איך בין געקומען אייך פערזיכערן, אַז אייער טאָכטער וועט האָבען די סאַטיספאַקציאָן, וואָס איהר קומט.

ה' מייזנער. איך גלויב אייך — (שאָקעלט איהם די האַנד) — און איך דאַנק אייך. איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב צו טון מיט אַן עהרען־מאַן. (פּויזע). האָט איהר גערעדט מיט מיין טאָכטער ?

מיכאַל. יאָ.

ה' מייזנער. נו ?

מיכאַל. האָט זי אייך גאָרנישט געזאָגט דערפון ?

ה' מייזנער. ניין. יוסטינאַ איז ביי זיך אין צימער און בעהאַלט זיך פאַר מענשען.

מ' מייזנער. מיין טאָכטער ליידט, הראַביע.

מיכאַל. וואָלט איך געצווייפעלט איין מאָמענט אין דער ליעבע פון אייער טאָכטער צו מיר, נאָך דעם וואָס עס איז פאָרגעפאַלען, — וואָלט איך נישט געוואַגט דאָ אַהער צו קומען און צו פערשוועכען איהר הייליג געפיהל מיט מיין עראינערונג. ווען איך בין יעצט אַהער געקומען צו אייך, איז עס דערפאַר, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז אייער טאָכטער ליעבט מיך, איהר געפיהל האָט זיך צו מיר נישט געענדערט, אַזוי ווי מיינס צו איהר, נאָר אַן אומגליקליך מיספערשטענדניס, וואָס איז אַרויסגעקומען אָהן אונזער ביידענס ווילען, האָט זיך געלעגט ווי אַ שטיין אויף אונזער צוזאַמענדיגען וועג, און איך בין געקומען צו אייך, אייך בעטען אונז העלפען אָבווישען דאָס מיספערשטענדניס, וואָס קען פיהרען צו אונזער ביידענס אומגליק.

ה' מייזנער. דעם שטיין אויפ'ן וועג האָב איך נישט געלעגט, נאָר אַנדערע, און אַנדערע מוזען איהם אַוועקנעמען.

מיכאַל. געוויס, געוויס. נאָר דאָ האַנדעלט זיך אום דעם, אַז מיר זאָלען אַלע בייהעלפען, אַז דאָס אומגליקליכע מיספערשטענדניש זאָל פערשווינדען.

ה' מייזנער. איך ווייס ניט דעם בעשלוס, וואָס מיין טאָכטער האָט אָנגענומען, נור יע־

דענפֿאַלס וועל איך וויסען, ווי זי צו בעשירעמען.

מיכאַל. וואָס מיינט איהר דערמיט?

ה' מייזנער. ערלויבט מיר מיט אייך אָפֿען צו רעדען, הראַביע. ווען מיין טאָכטער האָט מיר פֿערטרויט איהר האַרץ, מוז איך אייך זאָגען, אז זעהר צופֿריעדען זיין דערפֿון בין איך נישט געווען. נישט וואָס איך האָב עטוואָס קעגען אייך — איך קען אייך און וויים, אז איהר זיינט א דזשענטעלמען. אויך ניט די פֿערשיעדענהייט פֿון די רעליגיאָנען איז מיר אין וועג געשטאַנען. איך בין אַ פֿרייער מענש און איך וועל מיין קינד נישט אומגליקליך מאַכען צוליעב רעליגיאָן. נור איך בין א האַנדעלסמאַן און האָב ליעב, ווען איך געה מאַכען א געשעפֿט, קלאָרע סיטואַציאָן. ווען איהר זייט נישט קיין קריסט, בין איך נישט קיין איד — היינטיגע צייטען שפּיעלט די רעליגיאָן קיין ראָלע ניט — נאָר קוים הויבט איהר זיך אָן צו גרויסען מיט אייער קריסטליכקייט, קוים ווילט איהר ווערען קריסט — בין איך א איד, האָב איך מיין שטאָלץ.

מיכאַל (ווערט רויט, אויפֿגערעגט). הערר מייזנער, ווען איך שטעה דאָ און הער אויס אייערע ווערטער איז עס דערפֿאַר, ווייל אייער טאָכטער ליידט. (פּויזע).

(עס קומט אַריינצולויפֿען יוסטינאַ, וועלכע האָט געהערט דעם געשפּרעך. זי איז זעהר בלייך. אַלע ווערען שטיל. מיכאַל הויבט זיך אויף, פֿערבויגט זיך טיעף פֿאַר איהר און וויל אַרויסגעהן).

יוסטינאַ (געהט צו צו איהם און גיט איהם די האַנד). פֿאַרוואָס געהסטו אַוועק, מיכאַל? האָב איך דיר געשטערט?

מיכאַל. ניין, יוסטינאַ. איך האָב נישט קיין רעכט אויף דעם גליק מיט דיר צו רעדען, ביז עס וועט נישט ווערען אָבגעווישט דאָס אומרעכט, וואָס דיר איז געשעהן. (פֿערבויגט זיך פֿאַר דער מאַדאַם).

מאַד. מייזנער. אָבער פֿאַן מיכאַל, איהר זיינט דאָך נישט בעליידיגט?

מיכאַל. געוויס נישט, מאַדאַם. איך פֿערשטעה דעם הערר מייזנער גאַנץ גוט, אפֿשר האָט ער רעכט, נאָר איך מיין, אז אייער טאָכטער דענקט אַנדערש, און דאָס איז פֿאַר מיר גענוג.

ה' מייזנער. מיין טאָכטער דאַרף עס הערען. איך גלויב, אז מיין טאָכטער האָט אויך דיזעלבע מיינונג, וואָס איך —

מיכאַל (רייסט איהם איבער די רייד). איהר וועט מיר פֿערצייהען, אייער טאָכטער דאַרף נישט וויסען פֿון דעם געשפּרעך, וואָס מיר האָבען געהאַט. זי איז ווייט פֿון דעם אַלעם. יעדענפֿאַלס וועט איהר ערלויבען, אז איך זאָל מיך דערווייטערן ביי דעם געשפּרעך, וואָס איהר ווילט האָבען מיט אייער טאָכטער.

(ער פֿערבויגט זיך פֿאַר הערר און מאַדאַם מייזנער און געהט אַרויס).

יוסטינאַ (בלייך). וואָס איז געשעהן?

ה' מייזנער. מיין ליעב קינד!... (קושט זי אויפ'ן שטערן). זעץ דיך, מיין ליעב קינד, איך וויל עפּעס מיט דיר רעדען, איך האָב מיט דיר זעהר ערנסטעס צו רעדען.

מ' מייזנער. פֿאַרזיכטיג זיי, פּאַפּאַ, פֿאָרזיכטיג מיט'ן קינד.

ה' מייזנער. פֿערלאָז דיך אויף מיר — איך בין אַ פֿאָטער. (ער נעמט אַרום יוסטינא'ן). טאָכטער, דו ביסט יעצט אונזער איינציג קינד. אונזער גאַנצע האָפֿנונג ליגט אויף דיר. דו ביסט אונזער פֿרייד, אונזער איינציגע פֿרייד אויף אונזערע אַלטע טעג . . .

מ' מייזנער (הויבט אָן צו וויינען).

יוסטינא (דערשראָקען). אָבער וואָס איז געשעהן?

ה' מייזנער. גאָרנישט, מיין קינד. איך וויל אָנריהרען זעהר אַ דעליקאַטע זאַך, מיין טאָכטער. נאָר זאָג מיר — האָסטו נאָך ליעב דעם הראַביע? . . . איך האָב זיך נישט געוואָלט אַריינמישען אין דיין גליק. איך האָב נישט געקוקט אויף קיין רעליגיאָן, איך האָב נישט געקוקט אויף קיין סאָציאַלע אונטערשיידען, ווי עס האָט נישט מיין האַרץ געוועהטאָגט. איך האָב נישט געוואָלט צעשטערען דיין גליק, דאָס גליק פֿון מיין איינציג קליין קינד . . . (ער בויגט צו זיין געזיכט צו איהר און וויינט). אָבער זאָג מיר, קינד, האָט זיך ביי דיר גאָרנישט אומגעביטען? האָסטו נאָך צו איהם דאָס זעלבע געפֿיהל, וואָס פֿריהער?

יוסטינאַ (שווייגט).

ה' מייזנער. זאָג, מיין קינד, זאָג. פֿאַר מיר מעגסטו עס פֿערטרויען. עס איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען, די ליעבע איז שטאַרקער פֿון אַלע געפֿיהלען. ליעבסטו איהם, וועל איך אַהין געהן צו איהם. איך וועל איהם בעטען, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין . . . זאָג מיר, טאָכטער.

יוסטינאַ. צווישען מיר און מיכאַל'ן איז נאָך גאָרנישט בעשטימט. (זי פֿערשטעלט זיך דאָס געזיכט). עפּיס וואָס איז געשעהן צווישען אונז.

ה' מייזנער (קושט זי אויפ'ן קאָפּ). אַז דו זאָגסט אַזוי, בין איך שטאָלץ אויף דיר, מיין קינד. מיר זיינען אידען, נאָר מיר האָבען אונזער עהרע . . . מיר זיינען טאַקע פֿרייע מענשען, נאָר קוים בעליידיגט מען דיך אַלס איד — האָבען מיר אונזער פֿערזענליכען שטאָלץ.

יוסטינאַ. ניין, פּאַפּאַ, האָסט נישט קיין רעכט אַזוי צו זאָגען. עס האָט מיך קיינער נישט בעליידיגט, און איך געה נישט איבער צום קריסטענטום איבער שטאָלץ, נאָר אויס הכנעה געה איך איבער צו דער קירך, ווייל איך האָב געפֿונען אין איהר די ריכטיגע אמונה און

איך וויל זוכען ביי איהר טרייסט און גלויבען.

ה' מייזנער (קוקט זי אָן פערוואונדערט). וואָס זאָגט זי ?

מ' מייזנער. קלערסטו נאָך, מיין קינד, פון דעם שידוך מיט'ן הראַביע ?

ה' מייזנער (שרייט אויס). דו מאַכסט דאָך מיך משוגע ! זאָג דאָך אונז איין מאָל פאר אַלע מאָל דיין מיין.

יוסטינאַ. ווי קומט דער שידוך אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין גלויבען, מיט מיינע איבערצייגונגען ?

ה' מייזנער. דו מיינסט דאָך נישט, מיין טאָכטער . . . (קוקט זי אָן ערשטוינט).

יוסטינאַ. טאַקע איבער מיינע איבערצייגונגען, פּאַפּאַ, מוז איך מיך אָבזאָגען פון מיין ערדישער ליעבע, כדי די ליעבע צו מיין גאָט, צו דער קירך, וועלכע איך האָב זיך אויסדערוועהלט, זאָל אַרויסקומען ריין אָהן איין פלעקעל פון אייגענליעבע און אייגעננוץ.

ה' מייזנער. וואָס רעדט זי ? (צו דער פרוי). מאַמאַ, וואָס זאָגט זי ? איך פערשטעה זי נישט, איך פערשטעה זי נישט.

מ' מייזנער. טאָכטער, וואָס טוט זיך מיט דיר ? עס קען דאָך נישט זיין דיין ערנסט !

יוסטינאַ. אָבער, מאַמאַ, איהר האָט דאָך נישט געקענט גלויבען, אַז איך נעהם אָן אַן אַנדער גלויבען צוליעב געשעפט. גאָט, וואָס האָט איהר געדענקט פון מיר !

ה' מייזנער. טאָכטער, דו ביסט דאָך נישט משוגע, דו וועסט דאָך זיך נישט שמד'ען צוליעב איבערצייגונגען. איך קאָן דאָך נישט גלויבען, אַז דו ביסט איבערצייגט, אַז יענע רעליגיע איז בעסער. מיר וועסטו דאָך נישט איינרעדען. מיר זיינען דאָך פרייע מענשען, דו האָסט דאָך בעקומען אַ גוטע ערציהונג. וואָס רעדסטו ?

יוסטינאַ אָבער, פּאַפּאַ, איך וויים דאָך פון אייער רעליגיע גאָרנישט, איך וויים דאָך נישט, ווער אייער פאָלק איז און ווער מיין זיידע איז. איך קען נאָר יענע רעליגיע, וועלכע איך האָב געלערנט ביי דער אַם קליינערהייד, און דערנאָך ביי דער פּאַני דאָבראָווסקאַ, און וויים, אַז זי איז די איינציגע, וועלכע גיט דעם מענשען דאָס רוהיגע געוויסען, אַז ער געהער נישט זיך, נאָר צום גאַנצען כלל. דאָס איז דאָך מיין געוויסען, וואָס איך האָב מיר געפונען. איהר קאָנט דאָך נישט גלויבען, אַז איך האָב געהאַנדעלט מיט מיין געוויסען.

מ' מייזנער. ווער זאָגט דאָס מיט געוויסען ? מיר האָבען געמיינט, אַז דו טוסט עס פאַר ליעבע. דער ליעבע איז מען אַ סך מוחל, די ליעבע שטעהט העכער פון דער רעליגיאָן. זי פערבינדט די מענשען פון אַלע נאַציאָנען און אַלע רעליגיאָנען. — אָבער קוים, טאָכטער, ווערט נישט פון דער פּאַרטיי, — צו וואָס טויג דיר דאָס מיט אַ וועלט איינצורייסען, דיין פאטער און מוטער שמערצען אָנצוטון און דעם אַלטען גראָספּאַטער אַזוי צו קרענקען ? עס געהט דאָך איהם אין לעבען. און דיין פאָטער וועט אויך דערפון זעהר פיעל ליידען — אידען וועלען זעהר קעגען איהם זיין. צו וואָס טויג דיר דאָס, טאָכטער ?

יוסטינאַ. אָבער, מאַמאַ, דאָס איז דאָך דאָס איינציגע שטיקעל ליכט, וואָס איך זעה אין מיין פערנעפּעלטען לעבען . . . וואָס האָב איך געהאַט אין אייער הויז ? וואָס האָט איהר מיר געגעבען, מיין לעבען אַ טעם צו געבען, מיין לעבען אַ געדאַנק, אַן אידעע צו געבען ? וואָס האָב איך געפונען ביי אייך אין ירושה, אַז איך זאָל עס ווייטער ציהען ? וואָס איז מיין לעבען אָהן דעם ריכטיגען גלויבען, אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען גוטס צו טון, און מיט דעם פערבינדט ער זיך מיט איהם אין זיין ליעבע ? אָ, דאָס וואָס איך האָב מיר געפונען, דאָס איז דאָך דער זין פון מיין לעבען, דאָס איז דאָך די מציאה, וואָס איך האָב מיר געפונען און וועל עס נישט פון דער האַנד אַרויסלאָזען ! . . .

ה' מייזנער. וואָס פאר אַ שפּראַך רעדט זי ? ביי וועמען האָט זי דאָס געלערנט ? וואָס קריסטעלט זי אַזוי ? די בעסטע לעהרער האָב איך פאר איהר געהאַלטען, זי קען שפּראַכען, וויסענשאַפטען. (ער ווענדט זיך צו איהר). דו ביסט ערצויגען אין פרייען, מענשליכען גייסט. ווער האָט דאָס דיך די רעאַקציאָנערע געדאַנקען געלערנט ? דאָס האָבען זיי, די גוים, איהר אַזוי דעם קאָפּ פערדרעהט, איינגערעדט איהר — און זי, נאַר, נעמט עס אָן אויף דער ערנסט... נאַר, דו, קינד דו, דאָס זיינען אַלץ געווען שעהנע ווערטער — ווען אויס דעם שידוך וואָלט וואָס געוואָרען . . . ליעבע צו דער וועלט . . . אָפּפערונג — גאַניץ שעהן. אָבער היינט, קינד — דאָס זיינען פראַזען, שעהנע דעקלאַמאַציעס. אַלע זאָגען דאָס — און זי נעמט דאָס ערנסט !

יוסטינאַ (שרייט אויס). פּאַפּאַ, וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו ? ווי קענסטו דאָס ? דו ! . . . דו ! . . . (זי שפּרינגט אויף, פאַלט אָבער צוריק אין איהר שטוהל און ברעכט אויס אין גרויס געוויין. פּויזע, גרויסע בעוועגונג).

ה' מייזנער (שרייט אויס). וואָס טוט זיך דאָ ? אויף וואָס פאַר אַ וועלט לעב איך ? איינער איז אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר — איך וויים נישט וואוהין, — און זי — משוגע געוואָרען, משוגע . . . וואָס טוט זי ? וואָס רעדט זי ? וואָס וויל זי ? וואָס האָט מען איהר דעם קאָפּ פערדרעהט ? (ווענדט זיך צו דער פרוי). מאַמאַ, איך וועל משוגע ווערען ! . . . וואו איז דער פאָטער ? זאָל ער אַריינקומען, זאָל ער זעהן מיין אומגליק. (ער רופט). פאַטער ! פאַטער ! . . . (ער קלינגט צו יאַנ'ען). רוף דאָ אַהער דעם אַלטען הערר ! . . . וואָס

ווילֿ זי טון ? — שמד'ן זיך, צוליעב וואָס ? — פרעג איך. (ער לויפט צו צו דער טאָכטער). וועסט אפשר אין אַ קלויסטער געהן, צווישען די מנישקעס זיך זעצען ? — דו, וואָס דו האָסט געענדיגט דעם פּענסיאָן ?

יוסטינאַ. איך ווייס נאָך נישט, וואָס איך וועל טון.

יאַן (קומט אַריין). דער אַלטער הערר האָט זיך איינגעפּאַקט די זאַכען און געהט אַוועק פון דאַנען.

ה' מייזנער (דערשראָקען). וואָס איז ? וואָס איז געשעהן ? וואָס איז ? (ער עפענט אויף די טיר און לויפט אַרויס רופענדיג). טאַטע, טאַטע, וואָס איז ? וואו ביסטו ? — (ער קומט אַריין מיט ר' שמואל — ער איז שוין אָנגעטאָן צום אַוועקגעהן. האַלט אַ פּעקעל אין האַנד מיט אַ שטעקעל). טאַטע, זעה, מיין אומגליק, זעה מיין שאַנד ! מיין קינד געהט זיך שמד'ן, פאַר גאָרנישט אין דער וועלט שמד'ן ! — רעד דו מיט איהר — דערקלער איהר, ביסט דאָך עלטער פאַר מיר.

ר' שמואל. איך האָב שוין גאָרנישט דאָ וואָס אין דער שטוב צו טון, דער שטן האָט גובר געווען. — האָסט געמיינט, אַז דו וועסט מיט דיין חכמה אָהן גאָט אויסקומען. מיט חכמה אָהן גאָט וועסטו אין די הערצער פון דיינע קינדער גאָרנישט איינפּלאַנצען. איך האָב נישט וואָס מעהר דאָ צו טון. (וויל אַרויס).

ה' מייזנער, (וועלכער בעמערקט ערשט יעצט, אַז דער פאַטער איז אין ראָק מיט'ן שטעקען). טאַטע, וואו אַהין געהסט דו ? אַוועק פון מיר ? וואו וועסט דו דיך אויפהאַלטען ?

ר' שמואל. איך וועל אין אַלטען בית־המדרש געהן, אין מושב זקנים זיך זעצען, אידען בעטען, אידען וועלען רחמנות האָבען אויף אַן אַלטען מאַן. איך וויל נישט זיין אין אַ שטוב, וואו מען בעליידיגט דעם אידישען גאָט !

ה' מייזנער. וואָס אַנטלויפען זיי אַזוי פון מיר ? וואָס אַנטלויפען זיי ? . . . (ער לויפט צו צום פאָטער). פאָטער, איך בין יעצט אַליין, מיין קינד געהט אַוועק פון מיר — העלף מיר, טאַטע, רעד דו מיט איהר.

ר' שמואל איך וויים נישט, אויב זי וועט מיך הערען, אויב זי איז שוין נישט אין שטן'ס האַנד.

יוסטינאַ, (וועלכע האָט די גאַנצע צייט, ווען דער זיידע האָט גערעדט, ווי בעהאַלטען זיך פאַר איהם, מורא געהאַט צו קוקען אויף איהם, שפּרינגט אויף, לויפט צו צום זיידען). און דו געהסט אויך אַוועק פון דאַנען ? דו אויך דיינע אַלטע יאָהרען פערלאָזט אויך דאָס הויז ?

ר' שמואל (קוקט זי אָן). ווייסט דו, מיין טאָכטער, וואָס דו געהסט טון ? — איך בין געזעסען אויבען אין מיין שטיבעל און געוואַכט איבער דיר טאָג און נאַכט. איך האָב תהלים געזאָגט, מיינע תפלות געבעטען. איך האָב געוואוסט, אַז דאָ, ביי דיר, איז מיין גרוב, אין וועלכער איך פאַל אַריין. (פויזע. קרעכצט). דורך דורי־דורות האָבען דיינע אבות־אבות זייער אידישקייט געטראָגען, און דו געהסט און נעמסט און וואַרפסט עס אַראָב פון דיר, ווי אַ משא פון די פּלייצעס. האָסטו אַ רעכט צו דעם ? . . . זעהסטו נישט די אידען מיט די ווייסע בערד פון די הונדערטע דורות — דיינע אבות — שטעהען אויף פון קבר און שרייען צו דיר : „וואָס טוסטו מיט דער קרוין, וואָס מיר האָבען דיר איבערגעגעבען בירושה ? . . .“ אַז אַ איד שמד'ט זיך, געהט ער נישט בלויז אַליין אַוועק פון אידישען דת, נאָר מאַכט צו נישט די גאַנצע אַרבייט פון אַלע אידישע דורות ביז צו משה רבינו ! האָסטו אַ רעכט אַן ענד צו מאַכען פון דעם אַלעם, וואָס אַלע דיינע אבות ביז צו מיר האָבען דערויף זייער לעבען אַוועקגעגעבען ? . . .

ה' מייזנער, (וועלכער האָט זיך איינגעהערט צום פאָטערס רייד מיט טרערען אין די אויגען). טאַטע, גאָלדענע ווערטער !

יוסטינאַ. זיידע, זאָג דו מיר, דו, וואָס דו האָסט נאָך געקענט די אַלטע דורות, וועגען וועלכע דו רעדסט ; דו, וואָס דו ביסט נאָך אַליין פון די אַלטע דורות, זאָג מיר, ווער זיינען מיר דאָס אַזעלכע ? פון וואַנען קומען מיר ? מיין פאָטער האָט מיר דאָס נישט דערצעהלט.

ר' שמואל. דו פרעגסט מיך, ווער מיר זיינען דאָס אַזעלכע ? — אָט — (ער נעמט אַרויס אַ חומש פון זיין פּעקיל) — דאָ שטעהט געשריבען, ווער מיר זיינען דאָס אַזעלכע, (ער מישט אויף פון אָנהויב). נאַ לייען : ב ר א ש י ת ב ר א א ל ה י ם א ת ה ש מ י ם ו א ת ה א ר ץ — צום ערשט האָט גאָט בעשאַפען הימעל און ערד. פון דאַנען הויבט זיך אָן אונזער געשיכטע. פאַר אונז איז קיינער נישט געווען, דער „בראשית“ הויבט זיך אָן מיט אונז. מיר זיינען געווען ביים אָנהויב, מיר וועלען זיין ביים ענד. פיעל פעלקער האָבען מיר אין אונזער לעבען געזעהן אונטערגעהן ; און ווען גאָט האָט אונז ערהאַלטען ביז'ן היינטיגען טאָג, איז עס דערפאַר, כדי מיר זאָלען איבערבלייבען ביז'ן לעצטען טאָג, ווען זיין משיח וועט קומען. דאָ אין דעם ספר שטעהט געשריבען, ווער מיר זיינען דאָס. דאָס איז אונזער יחוס־בריעף.

ה' מייזנער (מיט טרערען). מאַמע, הער, הער ! (צום פאָטער). רעד, טאַטע, — גאָלדענע ווערטער ! . . .

יוסטינאַ. פאַרוואָס האָט איהר מיר נישט געזאָגט דערפון ? פאַרוואָס האָט איהר מיך אויפגעצויגען ווי אַ ציגיינער־קינד, ווי אַ קינד פון ווילדע פעלקער ? איך שטעה ווי אַ פרעמדע, און איך פערשטעה נישט דעם זיידענס רייד. איך הער נאָר, אַז ער טראָגט ביי זיך אַ פרעמע־

גענס, אויף וועלכען ער איז שטאָלץ און איך האָב עס שוין נישט. (צום פאַטער). פאַרוואָס האָט איהר מיר דאָס נישט איבערגעגעבען? איך שטעה א נאַקעטע אין דער וועלט, נאָר בעהאַנגען מיט אייערע גאָלדענע יואוועלען. וואָס האָט איהר מיר געגעבען אייגענס, וואָס איהר האָט בירושה געקראָגען, נישט געקויפטע?

ה' מייזנער. איך פערשטעה זי נישט, מאַמא — וואָס וויל זי? איך האָב זי אויפגעצויגען ווי א היינטוועלטיגער מענש דאַרף ערציהען — באָנעס האָב איך פאר דיר געהאַלטען, פראנצויזיש האָב איך דיך געלערנט, דו קענסט דיך ווייזען אין דער וועלט. וואָס וויל זי האָבען, מאַמא?

יוסטינאַ (געהט צו צום זיידען). דאָ אין דעם הויז האָט מען אַלץ געקויפט פאר געלד, וואָס מען האָט געוואָלט — אייער פיינמענשליכקייט, און דעם שמייכעל פון אייערע דינסטען, אָבער גאָרנישט, גאָרנישט — האָט איהר געהאַט צו געבען אייגענס. דערפאר איז מיר אַזוי געפעלען ביי זיי. ביי זיי דאָרט, אין יענעם הויז, האָב איך געזעהן ווי איין דור גיט איבער דעם צווייטען די ירושה, וואָס בינדט יעדען פּרט צו צום כלל. ביי איך שטעהט מען אַליין, יעדער איינער בעזונדער, קיינער נישט איז הינטער מיר, קיינער איז פאר מיר. אין א גרויסער איינזאַמקייט בין איך, אָהן יסוד, אָהן צו וועמען צו געהערען. גאָרנישט איז מיין. וואָס איך וויל, קויף איך מיר פאר געלד. מיין פאַטער האָט א סך געלד, שטעה איך מיט מיין פאטערס בייטעל אין גרויסען מאַרק . . . (זי פאַלט צו צום זיידען און וויינט). זיידע איך פערשטעה דיך! — דו ביסט רייך, איך בין אַזוי איינזאַם, אַזוי אַליין . . .

ר' שמואל (נעמט זי ארום — בערוהיגט זי). קינד, וואָס רעדסטו? ווי הייסט — דו שטעהסט אַליין? וועלכער איד רעדט אַזוי? און וואו איז דער רבונו של עולם? — חלילה! הינטער דיר שטעהן דורות, דורות גרויסע אידען, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען ביים אידישען פּאָלק; הינטער דיר שטעהט א גרויסער אידישער גאָט, וועלכער האָט געפיהרט דאָס אידישע פּאָלק דורך דעם גאַנצען וועג פון גלות און דערהאַלטען זיי ביז'ן היינטיגען טאָג. וואָס ביסטו? — א קליין שעפעלע, נאָר אין דער סטאַדע, וואָס איהר שומר איז דער רבונו של עולם — איין קליין רינגעל פון גרויסען אידישען פּאָלק, וואָס ציהט זיך פון אָנהויב וועלט און איז נאָר דאָ צוליעב דעם, כדי צו דערהאַלטען ווערען ביז צום לעצטען טאָג . . . ווי הייסט — דו ביסט אַליין? וועלכע איד זאָגט עס? — הינטער דיר דער גרויסער אידישער גאָט, און פאר דיר — דער לעצטער טאָג, דער גרויסער אידישער משיח!

יוסטינאַ. זיידע, איז משיח דען שוין נישט געקומען?

ר' שמואל (לאָזט זי אָב). וואָס האָט זי געזאָגט?

יוסטינאַ. איך קען נישט די גרויע דורות, וואָס שטעהען הינטער אייך — איך שרעק מיך נאָר פאר זיי.

ר' שמואל. געהער זי נאָך אין אונזערע רייהען אריין? (צום זוהן). איז זי נאָך א אידיש קינד? (אַלע קוקען מיט ערוואַרטונג אויף יוסטינאַ'ן).

יוסטינאַ. זיידע, איז משיח דען שוין נישט געקומען?

ה' מייזנער } טאָכטער, וואָס רעדסט דו?
מ' מייזנער. }

ר' שמואל. דער שטן איז דאָ ביי דיר אין שטוב, דאָס האָט דיך גאָט געשטראָפט, מיין זוהן! (ער נעמט זיך צוזאַמען די זאַכען — און פאר'ן אוועקגעהן געהט ער צו צו יוסטינאַ'ן). איך פערשטעה. דיין משיח איז שוין געקומען. משיח איז שוין געקומען און די וועלט איז נאָך נישט אויסגעלייזט. משיח איז געקומען, און אויף דער וועלט זיינען נאָך דאָ צרות און מלחמות, צער און נויט! איך פערשטעה. אנטלויפט! גאָט מיט זיין תורה צו שאַנד און צו שפּאָט, אידען הפקר, עס איז נישט יעצט גוט א איד צו זיין. אָבער עס איז א גרויסע זאַך צו געהערען יעצט צום אידישען פאָלק. נישט יעדער איז זוכה דערצו! אָבער מיינט נישט, אז אידען זיינען הפקר. יעדע צרה ווערט געצעהלט! . . . אנטלויפט, אנטלויפט! — אָבער האָרך, מיין קינד, וואָס איך וועל דיר פערצעהלען, איידער איך געה אוועק. איך ווייס, דו האָסט פיעל חכמות געלערנט, פיעל ביכער געלייענט, אָבער האָרך דיך אויך צו מיין מעשה איין. ווען אידען זיינען אויף דער וועלט געקומען, אַזוי האָט זיי גאָט א פּאָהן איבערגעגעבען. און גאָט האָט געזאָגט צום ערשטען אידען: „אברהם, אברהם, איך גיב דיר איבער א פּאָהן. דו זאָלסט זי דיינע קינדער איבערגעבען, איין דור דעם צווייטען, ביז איך וועל מיין ערלייזער שיקען. פיעל וועלען זיי האָבען אויסצושטעהן צוליעב דער פּאָהן, נאָר דערטראָגען וועלען זיי זי דאָרף". אַזוי טראָגען מיר די פּאָהן אין דער וועלט פון איין דור צום צווייטען. פיעל שטעהען מיר אויס צוליעב איהר. פיעל וועלען מיר נאָך אויסשטעהן צוליעב איהר, א סך וועלען אנטלויפען, דערשרעקען זיך, מורא קריגען דערזעהענדיג דעם בלוטיגען וועג. נאָר די וואָס וועלען בלייבען ביי איהר און דערהאַלטען זי, ביז גאָטס ווילען וועט געשעהן, ביז משיח וועט קומען — די וועלען זיין די גבורים. אנטלויפט, אנטלויפט — מען האָט אונז פיינד, אידישקייט פערלאַנגט העלדען, גרויסע העלדען — איהר זענט צו קליין, צו שוואַך. אָבער עס וועט קומען די צייט, ווען די אידען וועלען עס

דערטראָגען דורך דעם פייער, ווי זיי האָבען עס דערטראָגען דורך אַנדערע אומגליקען. דענסט־מאָל וועלען מיר, מיר די אַלטע אידען, די מיאוס'ע אידען, די העלדען זיין . . . (ר' שמואל געהט אָב מיט שטאָלצע טריט).

יוסטינאַ (לויפט איהם נאָך, האַלט איהם איין). אָ, זיידע, ווען איך הער דיך אַזוי רעדען, דערזעה איך דאָס ליכט, וואָס לייכט דיר אויף דיין בלוטיגען וועג ! און נישט אַנטלויפען וויל איך פון דיר, ווייל עס איז מיר בעקוועם. גליק־ליך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט אויך גע־האַט, פאַרוואָס מיין לעבען אַוועקצוגעבען. איהר האָט גאָרנישט געשאַפען, אַז איך זאָל בלייבען. אייער תורה איז פאַר אייך, פאַר אַלטע אידען — און דאָס ליכט בעלייכט אייער אַלטען וועג. — וואו האָט איהר אַ תורה פאַר אונז, פאַר די יונגע ? — נאָר איך וויל געהן מיט דיר, זיידע. לערן מיך אויך געהן אויף דיין וועג, אפשר וועט דיין ליכט אויך מיר לייכטען. איך בין איינ־זאַם און שטעה אַליין און האָב נישט צו קיינעם צו געהערען. מיינע עלטערן האָבען מיר גאָר־נישט געגעבען, און דו ביסט שעהן, און דו ביסט רייך. (זי פאַלט אויפ'ן שטול און וויינט).

ה' מייזנער. טאַטע, דו האָסט מיר גערא־טעוועט מיין קינד.

ר' שמואל (שטרענג). האָט זי נאָך נישט צובראָכען די קייט ? — איז זי נאָך אַ אידיש קינד ?

יוסטינאַ. ניין, זיידע, איך האָב נאָך נישט צובראָכען די קייט. די געטער זיינען פערטריבען געוואָרען פון דעם הויז און האָבען זיך אויפגעהאַלטען אָדער אין דער קיך ביי דער אם, אָדער אויבען ביי דיר אין בוידעם־שטיבעל. די קיך איז נעהנטער געווען און צוגעלאָזענער. און איך האָב געמיינט, אַז זי אַליין איז נאָר שעהן. ניין, מיין זיידע איז אַזוי שעהן, ווי זיי. איך וועל געהן מיט דיר, אפשר וועט מיר דיין אַלט ליכט אויך לייכטען, אפשר וועל איך אויך געפינען די אמונה, וואָס דו.

ר' שמואל. געוויס וועסטו דערזעהן, טאָכ־טער, דאָס ליכט, געוויס וועט עס דיר בעלייכטען אויף דיין פינסטערן וועג. דער אידישער גאָט, דער עמוד האש געהט פאַר אונז, קום נאָר דו מיט. (ער נעמט זי אַרום). דו ביסט אַ אידישע טאָכטער.

יוסטינאַ. איך האָב נאָר געזעהן דעם צער, די ליידען, וואָס איהר שטעהט אויס צוליעב אייער אידישקייט — איך האָב נישט פערשטאַ־נען דעם טעם פון די ליידען. איך זעה יעצט די אמונה הינטער דעם צער. איך זעה אין דיי־נע אויגען דאָס גליק, וואָס שטראַהלט אַרויס, וואָס גאָט האָט דיך אויסגעקליבען, אַז דו זאָלסט טראָגען זיין צער. און איך בין דיך מקנא, וואָס דו האָסט דעם צער. אָ, ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט געוועז געהאַט, צוליעב וואָס צו ליידען !

ר' שמואל. דו וועסט טראָגען דעם צער אינאיינעם מיט אונז, מיין קינד. דו ביסט אַ אידישע טאָכטער. (ער הויבט אויף די הענד צום הימעל). איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, וואָס דו האָסט מיר געהאָלפען מיין קינד צו ראַטעווען. (ער דריקט צו יוסטינאַ'ן צו זיין האַרץ). אָרים שעפעלע מיינס ! דו ביסט נעביך געשטאַנען איינע אַליין אין דער וועלט, נאָר בעהאַנגען מיט די נאַרישע חכמות, וואָס מען האָט דיך אין די שקאָלעס געלערנט, און דו האָסט געזוכט מיט די אויגען אַ רעטונג, און דו האָסט נישט גע־וואוסט, אַז הינטער דיר שטעהט דער גרויסער אידישער זקן, אַז פאַר דיר געהט דער עמוד־אש — די גרויסע אידישע תורה, וואָס האָט אַזוי פיעל דורות אידען בעלויכטען זייער וועג ! . . . (ער נעמט זי אין זיינע אָרעמס). זיי פרעהליך, מיין קינד, וואָס דער רבונו של עולם האָט דיר געהאָלפען אַ אידיש קינד צו בלייבען און דעם אידישען צער צו טראָגען. (ער קושט זי אויפ'ן קאָפּ).

יוסטינאַ. איך ווייס נאָך נישט, זיידע, אויב אייער ליכט וועט מיין וועג אויך בעלויכ־טען.

ר' שמואל. דער רבונו של עולם וועט דיר העלפען, מיין קינד, און דו וועסט פיהלען די אמונה אין דיין האַרץ — אַז דו ווילסט נאָר, מיין קינד . . .

יוסטינאַ. אָ, זיידע, איך וויל עס געפינען. אָבער ווער ווייסט ? . . .

ר' שמואל. אָ, יאָ, טאָכטער — וועסט זי געפינען ! (ער קושט זי אויפ'ן קאָפּ). ביסט אַ אידישע טאָכטער, אַ אידיש קינד. (ער הויבט אויף די הענד צום הימעל). איך דאַנק דיר, רבונו של עולם !

ה' מייזנער (פאַלט דעם פאָטער אויפ'ן האַלז). טאַטע איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר מיין טאָכטער צוריקגעגעבען. דאָס, וואָס איך האָב נישט געקענט פּועל'ן מיט מיין לאָגיק, האָסטו גע'פּועל'ט מיט דיינע רייד.

ר' שמואל. דאָס איז דער כח פון דער אמונה, מיין זוהן — פון דער אמונה ! . . .

פאָרהאַנג.

פ י ע ר ט ע ר אַ ק ט.

אין יוסטינאַ'ס צימער. יוסטינאַ זיצט אַליין פערטראַכט — הערט זיך איין צום זיידענס קול. פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם זיידענס תהלים זאָגען : „אשרי האיש“

(עס קומט אַריין מיט לייכטע טריט)

ה' מייזנער (ער האַלט אַ בריעף אין האַנד). טאָכטער, דו ביסט אַליין ?

יוסטינאַ. וואָס איז פּאַפּאַ ?

ה' מייזנער (הערט זיך איין א מינוט צום תהלים זאָגען). דער זיידע וואכט איבער דיר מיט זיין תהלים זאָגען, דער תהלים היט דיך אָב, מיין קינד (פויזע).

יוסטינאַ. וואָס האָסטו מיר צו זאָגען, פּאפּא?

ה' מייזנער. איך האָב דיר צו פערטרויען אַן ערנסטע זאַך: די הראַביניע קומט היינט צו אונז.

יוסטינאַ (דערשראָקען). פון וואַנען ווייסטו?

ה' מייזנער (ווייזט איהר דעם בריעף). מיכאַל שרייבט מיר, ער קומט מיט דער מוטער צו אונז אויף טיי. טאָכטער, פערשטעהסטו, וואָס דער וויזיט בעדייט? . . .

יוסטינאַ. איך ווייס אַלץ.

ה' מייזנער. נו, ווי האָסטו דעצעדירט?

יוסטינאַ (שווייגט).

ה' מייזנער. קינד, יעצט מוזטו דיך דעצעדירען, און איך בין געקומען דיר דאָס זאָגען (ער קוקט זיך אַרום אויב קיינער הערט נישט). דאָ האָט זיך קיינער נישט אַריינצומישען. קוק דיר טיעף אין דיין האַרץ אַריין און טו אַזוי, ווי דאָס האַרץ הייסט דיך, מיין קינד.

יוסטינאַ. פּאָטער . . .

ה' מייזנער (געריהרט). קינד, איך וויל דיך נישט צורעדען, איך וויל דיך נישט אָברעדען. איך זאָג דיר נאָך אמאָל: קוק אויף קיינעם נישט, טו, וואָס דיין האַרץ הייסט דיך. עס איז צו ערנסט, אַז עס זאָל זיך דאָ ווער אַריינמישען. און פיהלט דיין האַרץ צו איהם דאָס, וואָס עס האָט געפיהלט, קוק אויף קיין זאַך נישט.

יוסטינאַ. דאָס זאָגסט דו, טאַטע?

ה' מייזנער. איך וועל מיין קינד נישט אומגליקליך מאַכען צוליעב רעליגיע. אַלץ וועל איך טון פאַר דיר, מיין קינד, אַלץ. געה טיעף אין דיין האַרץ אַריין און הער, וואָס דיין האַרץ הייסט דיך. איך ווייס, עס איז דיר שווער, מיין קינד, און איך וויל דיך לאָזען אַצינד אַליין (ער קושט איהר אויפ'ן קאָפּ). ווי עס זאָל נישט זיין דיין פּאָטערס האַרץ, איז עס שטענדיג מיט דיר. (ער געהט אַרויס).

יוסטינאַ (בלייבט אַליין. פאַלט אויפ'ן שטול און וויינט). אָ דו, מיין מיכאַל, צווישען אונז שטעהען צוויי וועלטען, איך שטרעק אויס די האַנד צו דיר — דו צו מיר, און שאָטענס פון פערגאַנגענע דורות פערנעפּלען אונז דעם וועג, און מיר קענען זיך נישט געפינען . . . פאַרוואָס האָסטו פערלאַנגט אַזאַ נדר? (זי ווערט אומרוהיג — קוקט אויפ'ן זייגער, — אויף דער טהיר. פויזע. די טיר עפענט זיך אין דער שטיל, און עס ווייזט זיך לעאָן. יוסטינא שפּרינגט אויף).

לעאָן. נאָך וואָס האָסטו געשיקט נאָך מיר?

יוסטינאַ (געהט איהם אַקעגען). דאָס ביסט דו, מיין ברודער? (זי קוקט איהם אָן). עס איז מיר, ווי איך וואָלט דיך צום ערשטען מאָל געזעהען.

לעאָן. נאָך וואָס האָסטו געשיקט נאָך מיר?

יוסטינאַ. אָ, איך דאַרף דיך זעהר נויטיג האָבען, מיין ברודער. מען האָט מיך נישט געלאָזט רעדען מיט דיר — היינט האָב איך מיט קיין אַנדערען נישט צו רעדען, נאָר מיט דיר. האָב קיין מורא ניט, דער פּאַפּאַ וועט נישט אַריינקומען. מיר זיינען גאַנץ אַליין. איך בין געגאַנגען צו דיר, איך האָב דיך געזוכט אין דיין וואוינונג, איך האָב דיך נישט געפונען. איך האָב געבעטען בעקאַנטע, אַז זיי זאָלען דיך שיקען צו מיר, איך האָב דיר געשריעבען, און דו ביסט געקומען און איך דאַנק דיר, וואָס דו ביסט געקומען (זי בויגט זיך צו איהם). דיין שוועסטער איז אַזוי עלענד.

לעאָן (מיט אונצוטרויען). וואָס, דו ווילסט מיך מיט'ן פּאַפּאַ איבערבעטען? ער האָט שוין נישט געקאָנט דורך אַנדערע — האָט ער דורך דיר אָנגעשטעלט . . .

יוסטינאַ (מיט צער). ווי קענסטו דאָס? — איך האָב געשיקט נאָך דיר, ווייל אויך איך וויל אַוועק פון טאַטען — אַזוי ווי דו! . . .

לעאָן (קוקט זי אָן פערוואונדערט). דו! דו, דאָס צוקער־קינד, דאָס יום־טוב־מיידעל, דעם טאַטענס ליעבלינג, וואָס מען האָט אָבגעהיט פון אַלדאָס בייז, בעוואַכט דיך טאָג ווי נאַכט מיט באָנעס, אַז מען זאָל אויף דיר קיין שלעכטען איינפלוס נישט האָבען, — האָט עס צו דיר אויך דערגרייכט? ! אין ווייסען מיידעל־צימער איז עס אויך אַריינגעדרונגען? !

יוסטינאַ. יאָ, לעאָן. ווען מיינע עלטערן האָבען מיר נישט געזאָגט, ווער איך בין און וואָס מיין רייכטום איז — האָבען עס מיר אַנדערע געזאָגט. ווען מיינע עלטערן האָבען געמיינט, אַז מיט געלד קען מען זיך קויפען אַלצדינג, — האָבען מיר עס אַנדערע פערשטעהן געגעבען, אַז מען דאַרף דערצו נאָך עפּיס האָבען. אַז נישט — איז מען חושד, איז מען ווי אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפען, שטעהט מען אין מיטען מאַרק אין אַ גאָלדענעם ביידעלע. עס זיינען נאָך וועניג די גאָלדענע ווענט, וואָס בעשיצען דאָס מיידעל — מען דאַרף נאָך דערצו האָבען אַן אינערליכען בריליאַנט, וואָס בעלויכט מיך, אַליין, און קיינע ווינטען פון דרויסען זאָלען מיך נישט קאָנען ריהרען. איך האָב געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון אַזאַ אינערליך ליכט, ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען. איך האָב געזוכט מיט די אויגען אַ

רעטונג, און קיינער, קיינער איז נישט צו הילף געקומען.

לעאָן (וועלכער הערט זיך איין צו דער שוועסטערס רייד). שוועסטער, פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ שפּראַך? ווער האָט דיך דאָס אַזוי געלערנט? פון וואַנען קומט דאָס דער דאָרשט אין דעם ווייסן מיידעל־צימער אַריין? דיך האָט מען דאָך נאָר געלערנט זיך צו זעטיגען . . .

יוסטינאַ. איך ווייס, דו האָסט מיך קיינמאָל נישט בעאַכט. דו האָסט געמיינט, אַז דיין קליינע שוועסטער איז אַ צוקער־מיידעל, וועלכע בעגנוגט זיך מיט די באַנבאָנס, וואָס דער טאַטע שענקט איהר, און מיט די לעהר־באַנבאָנס פון איהרע גובערנאַנטקעס. איהר האָט געקוקט אַלע אויף מיר, ווי אויף אַ שפּילעכיל, וועלכעס מען לערנט שעהן טאַנצען און שעהן קלערען. איך האָב געפיהלט דיינע פאַראַכטענדיגע בליקען, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען. און דאָרט אין דעם ווייסן צימערל איז דיין שוועסטער געזעסען מיט די באָנבאָנס אין האַנד, און די ספקות האָבען געפּיקט אין איהר קאָפּ, אין איהר האַרץ, און זי האָט געזוכט אַ רעטונג, אַן וואָס זיך אַנצוכאַפּען. אַלע האָבען מיך בעטראַכט ווי אַ שפּילעכיל, וואָס זיצט און וואַרט אויף אַ חתן. דו אויך, דו אויך! . . . (זי וויינט).

לעאָן (פאַרשעמט). שוועסטער, און דיין ליעבע, און דיין פּערזענליך לעבען — האָט דאָס דיך נישט בעגנוגט? דו ליעבסט דאָך דעם ראַביע!

יוסטינאַ (שווייגט. פּויזע).

לעאָן. האָבען זיך דיינע געפיהלען צו איהם געענדערט? (ער האַקט אָב אין מיטען. שווייגט אויך).

יוסטינאַ (נעמט איהם אָן ביי דער האַנד). ברודער, איך בין אַ אידישע טאָכטער, איך קום אַרויס פון אַ אידישען באַנקירס הויז. איך האָב נישט קיין רעכט אויף קיין גליק — אונזערע עלטערן זיינען צו פיעל זינדיג געווען.

לעאָן. וואָס רעדסטו, יוסטינאַ!?

יוסטינאַ. דו ווייסט עס אַליין. דורך דעם ביסטו אויך אַוועק פון דערהיים. איבעריגענס, האָבען מיר עס אַנדערע פערשטעהן געגעבען, — מיכאל אַליין. אַ, ווען ער וואָלט געקעהרט צו דער צוקונפט ווי דו, ווי איהר . . . אַ, צווישען מיר און מיכאל'ן שטעהען די רעליגיאָנען פון דער פערגאַנגענהייט אין וועג. און זייערע שאָטענס דריקען אונז.

לעאָן (פערוואונדערט). רעליגיאָן — האָסטו דען אַן אַנדער רעליגיאָן אויסער מיכאלס?

יוסטינאַ. יאָ, לעאָן, איך האָב געטראַגען אין מיר דעם זיידענס רעליגיאָן אַהן צו ווייסען, און ער האָט נאָר בעדאַרפט צו רעדען מיט מיר אום אויפצואוועקען אין מיר איהר קלאַנג.

לעאָן. וואָס האָסטו מיט דעם זיידען גערעדט, אויף וועלכען מיר האָבען זיך גאָר נישט אומגעקוקט?

יוסטינאַ. איך זעה דאָך — ער טראָגט אויך עפּיס אויף זיינע פּלייצעס. אַז ביי איהם אין האַרץ בעהאַלט זיך אויך עפּיס אַ גרויסער אמת, וואָס ער שעפּט נאָך פון דעם אַלטען אידישען קוואַל. ער האָט אויך פערלאַנגען — און גרויסע פערלאַנגען, וואָס זיינען נאָך נישט ערפילט געוואָרען, און ער ערוואַרט אַ משיח, וואָס זאָל זיינע פערלאַנגען אויספיהרען.

לעאָן. יאָ, שוועסטער, דאָרט ביים זיידען אין שטיבעל ברענט אַן אַלט ליכטעל, וואָס האָט אפשר געקענט בעלייכטען די גרויסע פאַלאַנגען אונזערע.

יוסטינאַ. איך זעה דאָך די אַלע דורות, וואָס האָבען געלאָזט זיך מקריב זיין אויף קידוש־השם. עס האָט דאָך עפּיס געמוזט זיין אַ מיין אין זייער טויט. עס האָט זיך דאָך נישט געקענט האַנדלען בלויז אום אויסערליכע פאָרמען, וואָס מען האָט זיי גענויט אָנצונעהמען — עס וואָלט זיך דאָך נישט געלוינט דער טויט, די ליידען און דאָס לאַנגע מאַרטירערלעבען פון אידישען פאָלק. זיי האָבען געמוזט מלחמה האַלטען פאַר אַ העכערן אמת, וועלכען זיי האָבען אינסטינקטיוו געפיהלט. און ווען איך הער מיין זיידען רעדען, זעה איך דעם אמת, וואָס האָט אַזוי פיעל אָפּפער געקאָסט, אַרויסשיינען פון זיינע אויגען, אָבער ער קאָן מיר דאָס נישט זאָגען, און זיינע ספרים זיינען צו אַלט פאַר מיר. אַן אָטעם פון טויט עטעמט פון זיי, וואָס נעמט אַרום די, וועלכע דערנעהנען זיך צו זיי, — און איך בין יונג און וויל לעבען. און וויל האָבען מיט וואָס צו לעבען, און קען נישט זיצען און וואַרטען אויף אַ משיח, וואָס וועט פון הימעל אַראָבפאַלען . . . איך ווייס, אַז די ספקות האָבען דיך אויך געפייניגט און צוליעב דעם ביסטו אוועק אין דער וועלט. און איך קום צו דיר: ברודער, זאָג מיר, גיב מיר עפּיס מיט וואָס לעבען צו קענען! . . . דו ביסט אינגער פאַר זיי, דו ביסט אוועק אין דער וועלט זוכען—זאָג, וואָס האָסטו געבראַכט? וואָס האָסטו געפונען?

לעאָן (נעמט אָן די שוועסטער ביי דער האַנד). ביי זיי אין די הייליגע ביכער ליגט באַגראָבען אַ גרויסע אידישע נשמה, וואָס זיי האָבען זיך מיטגעבראַכט פון די הייליגע לענדער און זי וואַרט אויף אַן ערלייזונג פון אונז, פון די יונגע, יוסטינאַ.

יוסטינאַ. האָט איהר זי שוין ערלייזט?

לעאָן. ניין. אונזער משיח איז נאָך נישט געקומען, די גערעכטיגקייט הערשט נאָך נישט איבער דער וועלט. אָבער מיר דאַרפען זיין די

יורשים פון די גיטער ! און האָבען די אַלטע געפונען אין דער נשמה אַ טרייסט, דאַרפען מיר געפינען אין איהר — אַ מאַכט, מיט וואָס אויסצופילען אונזער לעבען. מיר דאַרפען פון דעם אַלטען אמת אויסקאָווען די נייע אידישע נשמה !

יוסטינאַ. און ווי האַלט עס מיט דער נייער אידישער נשמה ?

לעאָן. זי האַלט זיך נאָך אין קאָוען. שוועסטער, מיר זעהען נאָר פון דערווייטענס די שטראַהלען וואָס גליהען פון איהר אין דער ווייטער-ווייטער צוקונפט. מיר הערען טיילמאָל דאָס עטעמען פון איהר. פיעל מאָל ווערט זי פערהוילען, פערטונקעלט, — מיר טאַפּען דענסטמאָל אין דער פינסטער. נאָר זי בעווייזט זיך צו אונז, ווי אין שיין . . . געה נישט, שוועסטער, אויף דעם וועג — געפעהרליך איז ער פאַר די, וואָס דאַרפען אַ גלאַטען וועג און אַ קלאָר ליכט.

יוסטינאַ. פאַר וואָס שטופּסטו מיך אָב פון דיר ?

לעאָן. די נייע אידישע נשמה איז שטרענג, שוועסטער. זי האָט קיין שכר צו פערטיילען אויף יענער וועלט, קיין חלק לעולם הבא, קיין גן-עדן, נאָר דער שכר פון דער מצוה איז די מצוה אַליין. זי זאָגט קיין נסים נישט צו, קיין וואונדער וועלען ניט געשעהן. דו דאַרפסט אַ ברייטען ליכטיגען וועג מיט אַ קלאָרען ציעל, אַ וועג וואָס פיהרט אין די הימלען, — אונזער וועג פיהרט צו דער ערד, און ער איז נאָך טונקעל, נאָר בעלויכטען מיט אַ שטראַהל פון אַ ווייט-ווייט ליכט . . .

יוסטינאַ. און מיט וואָס לעבט איהר ?

לעאָן. מיט דעם, אַז די וואָס וועלען קומען נאָך אונז, וועלען דערזעהן דאָס ליכט קלערער, אַז מיר טרעטען אויס פאַר זיי אַ וועג, נאָר נישט כדי עס זאָל זיי בעקוועמער זיין, נאָר זיי זאָלען איהם ווייטער ציהען ביז אין לעצטען טאָג אַריין.

יוסטינאַ. און איהר פאַר זיך, פאַר זיך אַליין, האָט גאַרנישט ?

לעאָן. יאָ. דאָס, וואָס מיר טוען אונזער פליכט.

יוסטינאַ (שוויגט פערקלערט).

לעאָן. און טיילמאָל כאַפּט אָן דער יאוש, דאָס ליכט פערנעפּעלט זיך פון דערווייטענס— מיר בלייבען אין טיעפער פינסטערניש, און מיר ווייסען נישט, אויב מיר געהען גוט.

יוסטינאַ. וואָס טוט איהר אין אַזאַ מאָמענט ?

לעאָן. מיר שטעלען אָב אונזער מח און לאָזען קלאַפּען דאָס האַרץ. דאָס האַרץ דערפיהלט דעם ציעל פון דערווייטענס, — דאָס האַרץ איז נעהנטער צום ציעל, ווי דער קאָפּ— און מיר געהען, וואו עס פיהרט אונז אונזער אינסטינקט.

יוסטינאַ. און וואָס איז אייער גליק ?

לעאָן. מיר פיהלען, ווי אונזער האַרץ איז שוין אָנגעקניפּט אָן די שטראַהלען פון יענעם גרויסען אמת און ער הויבט זיך אָן פון אונז ; אַז מיר וואַרימען איהם אויס מיט אונזער יוגענד, מיט אונזערע לעבענס, מיט אונזער ליעבע. דאָס גיעט אונז מוט און דאָס איז אונזער גרעסטעס גליק.

יוסטינאַ. און פאַרוואָס שטופּסטו מיך אָב פון דיר ?

לעאָן. צו איידעל זיינען דיינע פיס פאַר דעם וועג. בלוטיג איז ער און פול מיט שטיינער, און פערהילט זיך נאָך אָפּט אין דער טונקעלהייט, אָבער דאָס איז ער ריכטיגער ציעל — צו זיך אַליין.

יוסטינאַ. פאַרוואָס שטופּסטו מיך אָב פון דיר ?

לעאָן. דו דאַרפסט אַ ברייטען וועג, אַ ליכטיגען וועג, וואָס פיהרט באַלד צום ציעל. אונזער וועג איז לאַנג, לאַנג — ער הויבט זיך ערשט אָן, און נישט אַלע קענען איהם דערזעהען שוין. (עס קומט אַריין דער זיידע).

ר' שמואל. טאָכטער, פאַרוואָס ביסטו היינט נישט געקומען צו מיר אַרויפצוגעהן ? (דערזעהט לעאָנ'ען) דו — דאָ ! ביסט געקומען נאָך דעם קינד'ס נשמה — זי וועט נישט געהן מיט דיר ! (ער נעמט זי אַרום). זי געהערט שוין צו אונז, זי וועט איהר שוין פון אונז נישט אַוועקנעמען !

לעאָן (ווייזט אויפ'ן זיידען). אָ, מיט איהם געה, אָדער מיט יענע דאָרט ! זיי ווייזען אָן אַ ליכטיגען וועג — פאַר זיי איז קיינע ספקות, אַלץ איז קלאָר און אָפען. נישט נאָר ד י וועלט, נאָר אויך יענע. אָט אויף דעם וועג געהט זיך גוט, שוועסטער, מיט בלומען איז ער בעזייהט און פיהרט גלייך אין הימעל אַריין.

ר' שמואל. וואָס ווילסטו פון דעם קינד ? דו האָסט גאָר קיין גאָט נישט אין האַרצען, ביי דיר איז דאָך גאָר הפקר אַ וועלט.

לעאָן. חלילה, זיידע. ווער האָט אייך דאָס געזאָגט ? מיר גלויבען אין אַ גרויסען גאָט !

ר' שמואל. וואָס האָט ער געזאָגט — דו גלויבסט אין גאָט ? וואָס איז דאָס, מי-שטיינס געזאָגט, דיין גלויבען אַזעלכעס ?

לעאָן. אַז דעם מענשענס האַרץ איז פון גרונד אויס גוט.

ר' שמואל. איך פערשטעה נישט, וואָס דו מיינסט ; איך ווייס נאָר, דו רעדסט קעגען דעם הייליגען חומש, נאָר איך זעה, די וועלט ווערט בעסער, די יונגע הויבען אָן צו גלויבען, מען גלויבט אין עפּיס — עס איז דאָך אַלץ בעסער פון די פּאָטערס, זיי האָבען דאָך אין גאַרנישט קיין אמונה געהאַט.

לעאָן. געוויס, זיידע, ווערט די וועלט

בעסער, די קינדער — בעסער פון די פאַטערס. נאָך מעהר, מיר לאָזען זיך אַ מאָל מקריב זיין פאַר אונזער גלויבען !

ר׳ שמואל. וואָס ? קדוש השם ביי אייך — אַ וואַ !

לעאָן. מיר זיינען יורשים פון אַ גרויסער ירושה. אַ סך קדוש השם האָט זי געקאָסט. מיר דאַרפען זי טראָגען אין דער וועלט און צוליעב איהר מוזען מיר אַ מאָל אַ קרבן ברענגען. נאָר ווען איהר זענט צום פייער געגאַנגען, האָט איהר בייט שייטער־הויפען געזעהן די טויערען פון גן עדן, וואָס עפענען זיך פאַר אייך אויף ; ווען איינער פון אונז געהט אויף קדוש השם, זעהט ער נאָר דעם טיעפען תהום, וואָס דעקט איהם דערנאָך צו . . . און דאָך געהען מיר !

ר׳ שמואל. און פאַרוואָס טהוט איהר דאָס ? וואו איז דער שכר ? (מיט אַ שמייבעל) זענט איהר אפשר פון די, וואָס דיענען שלא על מנת לקבל פרס ?

לעאָן. יאָ, זיידע.

ר׳ שמואל (פערוואונדערט). זענט איהר בעסער פאַר אונז, פאַר די אבות ?

לעאָן. די וועלט שטעהט נישט אויף איין אָרט. (עס קומט אריינצולויפען ה׳ מייזנער.)

ה׳ מייזנער. טאָכטער, דער הראַביע האָט מיר אָנגעקלונגען אין באַנק — ער קומט באַלד אַהער מיט דער מוטער. מאַמאַ, מאַמאַ, וואו ביסטו ? (ער קוקט זיך אום און דערזעהט דעם זוהן) דו — דאָ ! ביסט אַ היים געקומען ? מאַמאַ, מאַמאַ, זעה ווער עס איז דאָ !

מ׳ מייזנער (לויפט אַריין, דערזעהט דעם זוהן). לעאָן, קינד ! וואו ביסט דו ? (קושט איהם) ווי געהט עס דיר ?

לעאָן. גוט, מאַמאַ, איך דאַנק. איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר זענט דאָ. (ער מאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסגעהען).

ה׳ מייזנער. וואָס לויפסטו ? צו וואָס ביסטו געקומען ? דו זוכסט דאָך עפּיס, זאָג.

מ׳ מייזנער. קינד, און אפשר שוין גענוג דאָס משוגעת צו וואַלגערן זיך איבער דער וועלט ? אפשר שוין גענוג אונזערע צרות ?

לעאָן. פערצייה, פאָטער, איך בין נישט געקומען צו אייך צו געהן (וויל אַוועקגעהן).

ה׳ מייזנער. נאָר צו וועמען דען ? (ער קוקט אויף דער טאָכטער). צום קינד ? — ניין ! (ער כאַפּט אַרום די טאָכטער, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָבראַטעווען). דאָס קינד וועסטו פון אונז נישט אַוועקנעמען. זי וועל איך מיר נישט לאָזען אַוועקנעמען. דאָס לעבען וועל איך מיר איינשטעלען ! . . .

לעאָן (שמייכעלט). ווער זאָגט אייך, אַז איך וועל זי פון אייך צונעמען ? הויבט זיך גאָר נישט אָן ! איך רעד זי אַליין אָב.

ה׳ מייזנער (עטעמט אָב). וואָס ? (מיט האָפנונג) און אפשר — און אפשר שוין גענוג אונז געפייניגט ? מיר זיינען דאָך אויך עלטערן; וואָס אַנטלויפסטו פון אונז, וואָס ווייכסטו אונז ? וואָס האָב איך וועם שלעכטס געטהאָן ? — איך אַ איד אַ סוחר. ביי גוים זיינען אויך דאָ סוחרים — פעראַכטען זיי זייערע קינדער ? . . . ווילסט נישט זיין קיין סוחר — פאָהר, שטודיר, טו עפּיס ! פאַרוואָס ווייכסטו מיך ? זיינען מיר דען נישט דיינע עלטערן ? (די מאַדאַם וויינט).

לעאָן. יאָ, טאַטע, דו האָסט מיר געשענקט דאָס לעבען, אָבער איך מוז דאָך האָבען מיט עפּיס צו לעבען, פאַרוואָס צו לעבען — און דאָס זוך איך יעצט.

ה׳ מייזנער. און דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגען ! און מיט דעם געהסטו אַוועק ! . . . איך וויל זיך מיט דיר מישב זיין . . . דיין שוועסטער שטעהט פאַר אַ זעהר ערנסטער שריט. איך ווייס נישט, וואָס צו טון, איך דאַרף זיך מיט וועמען מישב זיין. דו ביסט דאָך מיין עלטסטער — געהט דיך די היים גאָרנישט אָן ?

ר׳ שמואל (כאַפּט אָן דעם זוהן ביי דער האַנד). זוהן, מיינסטו נאָך דעם שידוך מיט זיי !

ה׳ מייזנער. יאָ שידוך אָדער נישט שידוך — טאַטע, עס זיינען דאָך פּריצים, מען מוז זיי דאָך צונעמען (צום זוהן). איך האָב זיך דאָך נישט מיט וועמען קיין עצה צו האַלטען.. (אין דער שטיל). דער זיידע איז דאָך פאַנאַטיש, ער פערשטעהט דאָך נישט, אַז דאָ האַנדעלט זיך אום ליעבע, אום מענשענס לעבען. איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טון. דאָס מיידעל ליעבט דעם קריסט . . .

לעאָן. וואָס קאָן איך זיך אַריינרעדען אין מיין שוועסטערס אַנגעלעגענהייטען ? איהר האָט דאָך מיך שטענדיג געהאַלטען פון דערווייטענס פון איהר.

ה׳ מייזנער. אודאי וואָלסטו געקענט האָבען אויף איהר אַ שלעכטע ווירקונג — נאָר איך וויל נישט יעצט רעדען דערפון. איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טון (איז זיך מיט איהם מישב). דאָס קינד ליעבט דעם קריסט, איך ווייס עס. אודאי וואָלט איך בעסער געוואָלט אָן אונזריגען, — טראַדיציע איז ביי מיר אויך אַ גרויסע זאַך — אָבער מיר קאָנען דאָך נישט זיין אַזוי פאַנאַטיש, ווי דער זיידע — ער איז אַן אַלטער מאַן . . . עס האָט קיין זין נישט זיך שמד׳ען אָהן אַ טעם, אָבער מיר — צוליעב רעליגיאָן אומגליקליך מאַכען אַ קינד, דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך אום ליעבע . . . דאָס מיידעל ליעבט איהם . . . זי וויינט ביינאַכט, זי זוכט איהם, דאָס מיידעל וועט אויסגעהען — וואָס זאָל איך טון ?

לעאָן. אַז זי ליעבט דעם קריסט — פאַרוואָס דען נישט ?

ה' מייזנער. קלערסטו אויך אַזוי ? — מען האָט דאָך מיר געזאָגט, דאָס דו האַלטסט פיעל פון אידישער טראַדיציאָן . . .

לעאָן. אָבער, פּאַפּאַ, ווי קומסט דו דער־צו ? (וויל ארויס).

ה' מייזנער. אָבער וואָס לויפסטו ? איך וויל רעדען מיט דיר (ער וויל איהם נאָכלויפען. מען קלינגט אין טיר. ער כאַפּט דעם זייגער). זיי זיינען דאָ ! (בלייבט שטעהן. ער דער־מאָנט זיך אָן זוהן. ער זעהט, ווי לעאָן געהט ארויס). אָבער וואוהין לויפסטו ? בלייב דאָך דאָ !

לעאָן. איך קאָן דאָך מיך נישט לאָזען אריינשלעפּען אין אייערע אינטערעסען (לויפט ארויס).

ה' מייזנער. אָבער דו געהסט נישט, טאָכטער, דו געהסט נישט, קינד, צי דו ווילסט יאָ דעם שידוך, צי דו ווילסט נישט דעם שידוך — מיר וועלען שוין זעהן. אָבער בלייב דאָ, (ער לויפט נאָך דעם זוהן). לעאָן ! לעאָן !

יאַן (מעלדעט). די הראַביניע מיט פאַן דאַבראָווסקי.

ה' מייזנער. די הראַביניע — מאַמאַ — די הראַביניע . . .

מ' מייזנער (לויפט נאָך לעאָן). וואָס געהט מיך די הראַביניע אָן. — מיין קינד געהט אַוועק פון מיר ! (לויפט ארויס נאָך לעאָן).

יוסטינאַ, (וועלכע איז די גאַנצע צייט גע־זעסען פערטראַכט אין זיך, כאַפּט זיך אויף ביים נאָמען. וויל ארויס פון צימער).

ה' מייזנער. ניין, מיין קינד, דאָס געהט נישט. די הראַביניע איז געקומען — דו מוזט זי אויפנעמען. (צום דיענער). מיר בעטען. קינד, איך ווייס אַליין . . . אַלין . . . טו, ווי דיין הארץ הייסט דיך — דיין טאַטען ווערסטו שטענדיג האָבען ביי דיר (ער קושט זי אין קאָפּ — געהט אַקעגען די הראַביניע).

ר' שמואל. בלייב, מיין קינד, גאָט וועט דיר ביישטעהן. (ער וויל אַב).

יוסטינאַ. (קוקט זיך אומרוהיג אום, כאַפּט אָן דעם זיידען ביים אַרבעל). מיין זיי־דע, דו בלייב, איך האָב מורא אַליין צו זיין, איך זאָל נישט שוואַך ווערען.

ר' שמואל. איך בלייב, מיין קינד, איך בלייב.

יוסטינאַ. און וועט מיך אָנכאַפּען אַ שוואַכקייט, דאָס הארץ וועט מיך ציהען, קוק מיר אין די אויגען אריין, איך וועל זעהן דעם טויזענד־יעהריגען צער, וואָס ליגט אין דיינע אויגען, און איך וועל ווידער שטאַרק ווערען.

ר' שמואל. איך בלייב, מיין קינד.

(ה' מייזנער פיהרט אריין די הראַביניע. זי איז אָן אַלטע, בעיאָהרטע פרוי, זעהר פאַר־נעהם. רעדט צו יוסטינאַ'ן, אַזוי ווי די אַנ־דערע וואָלטען נישט געווען).

די הראַביניע. איך בין אַליין געקומען צו דיר צו געהן, מיין קינד. (יוסטינאַ געהט צו צו איהר. די הראַביניע קושט איהר אין שטערן). אַ גרויס אומרעכט איז דיר געשעהן. איך ווייס, אַז מען האָט דיר וועה געטאָן, און איך בין געקומען דעם וועהטאָג היילען. זיי מוחל, עס איז אָן אומזיסט אומרעכט דיר גע־שעהן. גאָט וועט עס דיר בעצאָהלען.

יוסטינאַ (קושט איהר די האַנד שוויי־גענדיג).

מיכאַל (פאַלט צו צו דער מוטער און קושט איהר די צווייטע האַנד). איך האָב גע־וואוסט, אַז די מאַמע וועט עס טון. איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך. איהר זייט אַ מלאך ! (עס קומט אריין מ' מייזנער).

די הראַביניע (צו מאַדאַם און ה' מייז־נער, וועלכע שטעהען פאַר איהר מיט עהר־פאַרכט). דאָרט, וואו עס איז דאָ צער, מוז מען עס זעהן צו פערהיילען. אייער טאָכטער איז אָן אומרעכט געשעהן. איך האָב עס גע־פיהלט און בין אַליין געקומען זי איבערבע־טען. די קינדער האָבען זיך ליעב. און דאָרט, וואו די ליעבע רעדט — רעדט גאָט ; טאָרען מיר נישט שטערען גאָטס וואָרט. מיר האָבען נישט קיין רעכט צו צערשטערען דאָס. וואָס גאָט און זיין ליעבע האָבען צוזאַמענגעפיהרט. ווי מיינט איהר, מיינע הערשאַפטען ?

ה' מייזנער (גערוהרט). איך האָב גע־וואוסט, אַז די הראַביניע וועט עס טון, אַז אייער איידעלקייט וועט נישט קענען איבערטראָגען מיין קינדס אומפערדינטען צער, און איך דאַנק אייך זעהר. (קושט איהר די האַנד).

די הראַביניע (צו דער שוויינענדיגער יוסטינאַ). און פאַר דעם, וואָס מענשען זאָגען, האָב נישט קיין מורא, מיין קינד. גאָט קוקט אין הארץ און ער ווייסט, אַז דיין הארץ האָט זיך צו איהם פריהער געקעהרט, איידער עס האָט נאָך געקענט מיין זוהן. איך קען דיך, מיין טאָכ־טער, און ווייס, ווי ריין און אומפעהלערדיג דיין אמונה איז צו גאָט.

מיכאַל (קושט דער מוטערס האַנד). מאַ־מאַ, מאַמאַ, ווי דאַנק איך אייך, מיין גוטע מאַמאַ ! (ער נעמט יוסטינאַ'ס האַנד). איך האָב געוואוסט, אַז מיין גוטע מוטער וועט דאָס טון. (ער וויל איהר קושען די האַנד).

יוסטינאַ (מיט אַנגסט, קוקט אויף דר'ערד). איך דאַנק דיין מאַמאַ, מיכאַל. איך דאַנק דיר, נאָר — איך קען נישט מעהר. עפּיס וואָס איז געשעהן צווישען אונז . . . (אַלע קוק־קען זי אָן ערשטוינט. בעוועגונג. יוסטינאַ געהט צו צו דער הראַביניע און פערבויגט זיך פאַר איהר טיעף). איך דאַנק אייך, גוטע פרוי, פאַר דעם גוטען וואָרט און פאַר נאָך אַ סך גוטע ווערטער און מעשים, וואָס איהר

האָט מיך געלערנט. נאָר געהן מיט אייך קען איך נישט מעהר, אונזערע וועגען זיינען צושיידט. (אַלע קוקען זי ערשטוינט אָן).

ה׳ מייזנער (שמייכעלט צו דער הראַביניע). דאָס קינד איז אויפגערעגט, זי וועט זיך בערוהיגען.

יוסטינאַ (צו דער הראַביניע). ניין, איך בין נישט אויפגערעגט. איך האָב אייך פיעל צו פערדאנקען, — מעהר פון מיינע עלטערן. מיינע עלטערן האָבען מיר פאַר געלד געקויפט אויסערליכע בילדונג און מאַנירען, ווי יעדער רייכער איד קויפט זיין טאָכטער, — פון אייך האָב איך געלערנט אינערליכע שענקייט און גוטסקייט. איהר זענט געווען אַ מוסטער פאַר מיר מיט אייער טיעפער איבערגעבענקייט צו אַלעם לעבענדיגען, מיט אייער ליעבע. איך האָב פון אייך געלערנט, וואָס איז אייגענע, איינגעבוירענע אידעלקייט און וואָס איז פרעמדער, אויסערליכער פוץ. און דאָס טאַקע ברענגט מיך צו זוכען מיין אייגענע שענקייט, וואָס איז אונז איבערגעגעבען בירושה, וואָס מיר האָבען אויסגעוואורימט און פערהייליגט מיט אונזער געטריי האַלטען זיך דערפאַר פון דור צו דור. ווארום נור דאָס איז צופּאַסיג פאַר מיר, און איך דאַנק אייך פאַר דער לעהרע, וואָס איהר האָט מיר געגעבען מיט אייער פאָרבילד.

די הראַביניע. עס איז זעהר שעהן פון דיין זייט. דו רעדסט זעהר גוט, מיין קינד, און איך דאַנק דיר פאַר די ווארימע רייד. נאָר איך פערשטעה נישט אייגענטליך, וועגען וואָס דאָ געהט.

יוסטינאַ (נעמט אָן דעם זיידען ביי דער האַנד). אונזער משיח איז נאָך ניט געקומען, הראַביניע, די וועלט איז נאָך נישט אויסגעלייזט.

די הראַביניע (דערשראָקען). מיין קינד! דיין אמונה, דיין ליעבע צו קריסטוס׳ן, וועגען וועלכער דו האָסט אַזוי פיעל גערעדט — זיינען דאָס געווען הוילע ווערטער? איך קען עס נישט גלויבען.

יוסטינאַ. ניין, הראַביניע, עס זיינען נישט געווען קיין הוילע ווערטער. אייער לעהרע און אייער גוטסקייט נעם איך מיט מיט מיר אויף דעם וועג, אויף וועלכען איך געה, און אייערע ווערטער לאָז איך צייטיגען אין מיר אַלס גוטע פרוכט. איך האָב אָבער געמיינט, אַז נאָר ביי אייך איז דאָ די אָפּפערונג און די ליעבע, ווייל איך האָב מעהר פון מיין פאָטערס הויז נישט געהאַט, ווי דעם גלאַנץ פון גאָלד. אָבער ניין, הראַביניע, נישט בלויז געלד איז דאָס רייכטום פון מיין פאָלק! עס בליהען נאָך אויף זיין באָדען די גרויסע אמת׳ן, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט פון דעם לאַנד, וואו זייערע גרויסע גייסטער און לעהרערס זיינען אויפגעשטאַנען. עס האַלטען זיך נאָך אויף ביי מיין פאָלק יענע שענקייטען, וועלכע זיינען געוואָרען צו די שענקייטען פון דער גאַנצער וועלט, און די וויל איך מיר נעמען צום מוסטער. זיי זיינען מעהר צוגעפּאַסט פאַר מיר, ווייל זיי זיינען מיינע אייגענע.

די הראַביניע. אָבער וואו ווילסטו געהן? וואו ווילסטו זיי זוכען?

יוסטינאַ. אונטען, אויף דעם באָדען פון מיין פאָלק, וואו איך האָב נישט געקענט דערגרייכען, בליהען זיי. איך הער די ערשטע גרוסען פון זיי און דאָרט קעהר איך אַהין.

די הראַביניע. זעהסטו נישט די קולטור־לויזיגקייט אויף דעם וועג, אויף וועלכען דו ווילסט געהן? ווי וועסטו דיך געפינען צווישען זיי? דו ביסט דאָך שוין אַרויס פון זיי.

יוסטינאַ. עס קען דאָך נישט זיין קולטור־לויז דער וועג, וואָס פיהרט צום אייגענעם פאָלק, צו זיך אַליין. דאָס האָב איך פון אייך געלערנט, און איך דאַנק אייך פאַר דער לעהרע.

מיכאַל. אָבער אונזער ליעבע, אונזער אייגען לעבען, שטעהט דאָס נישט העכער פון דעם אַלעמען?

יוסטינאַ (פאַלט צו צו איהם — האַלט זיך אָבער איין). אונזער ליעבע, אָ, ווען מיר ביידע וואָלטען געהערט צו דער רעליגיאָן פון דער צוקונפט . . . און אונז ביידע וואָלט געווען פעראייניגט איין אידעאַל — מיר וואָלטען דורכגעבראָכען די צאַמען פון די רעליגיאָנען וואָס שטעהען אונז אין וועג. (דער זיידע קוקט זי אָן . . . זי ערווייטערט זיך פון איהם). צווישען אונז שטעהען וועלטען, מיכאַל — דו האָסט פערלאַנגט נדן . . . נדן פון מיין פאָטערס געלד ווילסטו נישט נעמען, קיין אַנדערן האָב איך דיר נישט מיטצוברענגען, און איך וויל נישט קומען צו דיר נאַקעט און אָרים — צו גרינג וועל איך אויסזעהן ביי דיר. עס איז אָבער דאָ אַן אַנדער נדן, וואָס אַ אידישע טאָכטער האָט מיטצוברענגען איהר חתן, און דעם נדן וועל איך געהן זוכען און דיר ברענגען. אָ, דענסטמאָל וועל איך שטעהן קעגען דיר אויג אין אויג, רייך געגען רייך, און קיין אַנדער געפיהל וועט נישט קענען זיין צווישען אונז. קיין חשה, קיין טענדעניז, נאָר די אמת׳ע הייליגע ליעבע! . . . ביז דאַן זיינען אונזערע וועגען צושיידט.

די הראַביניע. איך ווייס נישט, אפשר האָסטו רעכט. איך ווינש דיר גליק. — נו, יעדענפאַלס, מיר האָבען נישט דאָ וואָס מעהר צו טהון, מיין זוהן.

(מיכאַל פערבויגט זיך פאַר יוסטינאַ׳ן און פיהרט אַרויס די מוטער געאָרעמט. יוסטינאַ פאַלט אויף אַ שטוהל און וויינט לאַנג).

ה׳ מייזנער }
מ׳ מייזנער } קינד, וואָס האָסטו געטאָן!

ר׳ שמואל (הויבט אויף די הענד). איך דאַנק דיר, רבונו של עולם! איך דאַנק דיר, רבונו של עולם! איך דאַנק דיר! (צו יוסטינאַ׳ן מיט טרערען אין די אויגען) זיי פרעהליך, מיין קינד, זיי שטאָלץ, וואָס דו געהערסט צום אַלטען אידישען פאָלק, צום גרויסען זקן. וואָס וויינסטו? וואָס ביסטו געפאַלען ביי דיר — פרעהליך זיי! איבער די צרות, וואָס שטעהען דיר פאָר, וואָס דו ביסט אַ אידיש קינד געבליבען, ביסטו טרויעריג? ווער איז אונזער שונא, קינד? פעלקער, וואָס געהען אַוועק מיט׳ן ווינט: נעכטען זיינען זיי געווען, און מאָרגען וועלען זיי נישט זיין, און דו ביסט אייביג, ווייל דיין גאָט איז אייביג! . . . שטאָלץ זיי, מיין טאָכטער, און פרעהליך זיי, וואָס גאָט האָט דיר געהאָלפען, און דו ביסט אַ אידיש קינד געבליבען. (ער טאַנצט און זינגט פאַר גליק). אָ, ווי דאַנק איך דיר, טאַטע־פאָטער. ווי דאַנק איך דיר!

ה׳ מייזנער. האָסט צו שאַרף גערעדט, מיין קינד. מיט פריצים רעדט מען נישט אַזוי. האָסט געוואָלט אָבזאָגען — יאָ, אָבער נישט אויף אַזאַ אַרט.

מ׳ מייזנער. ווי עס זאָל ניט זיין — בערוהיג דיך, מיין קינד, (ווייל זי איינגעמען, נעמט זי אַרום). דו בלייבסט מיט אונז, מיין קינד.

(יוסטינאַ הויבט זיך אויף, ווישט זיך אויס די אויגען. זוכט עפּיס. מאַכט זיך אַרויסצוגעהן).

ה׳ מייזנער (דערשראָקען), טאָכטער, וואוהין?

יוסטינאַ. נישט צו דעם בין איך דאָ געבליבען, מיט אייך צו זיצען. אין אייער הויז רוהט קיין גאָט. ווי זאָל איך מיך געפינען צווישען אייך?

ר׳ שמואל. צו מיר קום, מיין קינד, מיט מיר! דו ביסט אַ אידישע טאָכטער.

יוסטינאַ. און אויך נישט מיט דיר, זיידע, צו אַלט ביסטו פאַר מיר. פון דיינע ספרים יאָגט דער טויט; דיין ליכט צאַנקט אָבער ערגיץ. אַנדערש וואו האָט עס זיך אָנגעצונדען! . . . (וויל אָב).

ר׳ שמואל.
ה׳ מייזנער. } (דערשראָקען) וואו אהין?

יוסטינאַ. דאָרט אַהין, וואו דער עלטערער ברודער איז געגאַנגען אויסטרעטען אַ וועג.

ה׳ מייזנער (שרייט אויס). מיט זיי, מיט דעם ברודער! איך וועל דיך נישט לאָזען!

יוסטינאַ. טאַטע, וועסט מיר נישט פערשטעלען דעם וועג: פיעל וועגען פיהרען דאָרט אַהין (לויפט אַרויס).

ר׳ שמואל (רופט איהר נאָך). אַז איך קאָן דיך נישט בעגנוגען — געה. זוכט, געפינט, — נאָר ציהט ווייטער די שנור, ציהט זי ווייטער! . . . דערהאַלט עס ביז דעם לעצטען טאָג, וואָרום משיח קומט דאָך!

ה׳ מייזנער. מאַמאַ, און וואָס וועט יעצט מיט אונז זיין? צו וואָס האָבען מיר געזאַמעלט געלד, דאָס גאַנצע לעבען געהאָרעוועט? וואָס טויג מיר מיין לעבען, אַז די קינדער פערלאָזען אונז? (ער וואַרפט דאָס געלד פון די קעשענעס אויף דר׳ערד, פאַלט צוזאַמען און וויינט).

ר׳ שמואל. אַז דו האָסט זיי קיין גאָט נישט געגעבען, מוזען זיי דאָך איהם אַליין זוכען. עס זיינען דאָך יונגע קינדער, זיי מוזען דאָך האָבען מיט עפּיס צו לעבען! . . .

פאָרהאַנג.

מ. פּאַוולאָוויטש

רוסלאַנד און ענגלאַנד

.1

זייט רוסלאַנד און ענגלאַנד האָבען געשלאָסען דעם אבמאַך פון 1907 און האָבען זיך פערפליכטעט אָנצופיהרען געמיינשאַפטליכע פאָליטיק אין פערסיען און אפגאַניסטאַן, איז אַריין שטאַרק אין דער מאָדע צו ריידען וועגען דער ענגליש־רוסישער פריינדשאַפט. און ווירקליך, זייט דעם טראַגען די ענגליש־רוסישע בעציהונגען אַן אויסערליך פריעדליכען כאַראַקטער, גאָר ניט קיין פערגלייך מיט דער אָפענער פיינדשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישען די רעגיערענדע קרייזען פוןביידע לענדער פאַר דער רוסישער יאַפּאַנישער מלחמה. נעהמט מען אָבער אין בעטראַכט איינציגע פּאַסירונגען פון די לעצטע יאָהרען, קוקט מען זיך צו נעהענטער צו דער האַלטונג פון דער ענגלישער פרעסע און בעזונדערס צו דער טהעטיגקייט פון דער ענגליש־אינדישער רעגיערונג, מוז מען גלייך איינזעהן, אַז פון אמת׳ער פריינדשאַפט קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. נאָך די אַלע געגענזייטיגע

ערקלערונגען אין ליעבע, מערקט זיך דאָך, אַז דאָס אָפיציעלע ענגלאַנד פערהאַלט זיך מיט גרויס אונצוטרויען צום אָפיציעלען רוסלאַנד.

סיי די רוסישע און סיי די ענגלישע פּרעסע האָבען כמעט ווי פערשוויעגען דעם פּראָצעס פון פּויער ראַפּאַאיל פּאָוואזשע, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען אין איבערגעבען געהיימע דאָקומענטען צום ענגלישען פלאָטען־אַגענט קעפּטען סמיט און ענגלישען מיליטערישען אַגענט קוירנעל ווינדהעם. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען דעם 22 מערץ 1911. פּאָוואזשע, אַ געוועזענער מאַטראָז, האָט געאַרבייט אַלס איינבינדער אין דער דרוקעריי פון רוסישען פלאָטען־מיניסטעריום. ער איז געפונען געוואָרען שולדיג אין אַלע פּונקטען — אין געהיימע בעציהונגען מיט די ענגלישע אַגענטען, וועלכע האָבען אָנגעהאַלטען פון 1903 ביז 1910, אין איבערגעבען זיי וויכטיגע דאָקומענטען, וואָס האָבען געהאַט צו טהאָן מיט די סודות פון מלוכה־שוץ — און ער איז פעראורטיילט געוואָרען צו קאַטאָרגע מיט דעם פערלוסט פון אַלע רעכטע.

דאָס איז געווען אין 1911, און אָט וואָס פאַר אַ טעלעגראַמע מיר האָבען געלעזען אין „רוסקאָיע סלאָוואָ" פון 14טען יוני 1912:

„אַסכאַבאַד, 13טען יוני. — אָנהויב פאָריגען יאָהר איז אויף דעם רוסיש־פּערסישער גרענעץ פערהאַלטען געוואָרען אַ פּערס אַבדולאַיעוו. מען האָט געפונען ביי איהם בעהאַלטען וויכטיגע בריעף און פּאַפּיערען וועגען דער צאָהל סאָלדאַטען אין הינטערקאַספּישער פּראָווינץ, אַ פּלאַן פון דער פעסטונג קושקאַ און נאָך אַנדערע דאָקומענטען, וועלכע האָבען גאָר קיין ספק ניט איבערגעלאָזען, אַז דער פּערס איז אַ שפּיאָן. לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען, זיינען די דאָקומענטען בעשטימט געווען פאַר דעם ענגלישען קאָנסול אין האַמאַדאַן."

מיר ווייסען, אַז ניט נור אַ פּאָליטישער אָבמאַך נור אַפּילו אַ מיליטערישער בונד איז נאָך אַליין ניט קיין גאַראַנטיע, אַז אמת'ע פריינדשאַפט וועט הערשען צווישען די ביידע צדדים. נעהמען מיר, צ. ב. ש. איטאַליען און עסטרייך, ביידע געהערען צום דריי בונד, וואָס איז אַ מיליטערישער בונד פאַר שוץ און אַנגריף. און דאָך האָבען ביידע לענדער פאַר די לעצטע צעהן יאָהר זיך געהאַלטען אין איין בעוואָפענען איינס קעגען דאָס אַנדערע. פעסטונגען זיינען געבויט געוואָרען, אַרמעען זיינען געזאַמעלט געוואָרען פון ביידע זייטען גרענעץ צווישען איטאַליען און עסטרייך. דער באַלקאַנישער קריעג האָט דאָס נאָך מעהר בעשטעטיגט. דער באַלקאַנישער בונד צווישען די בולגאַרען, סערבען און גריעכען, דער בונד וועלכער איז אַזוי געריהמט און בעזונגען געוואָרען פון די פּאַנסלאַוויסטען, האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפענבלאָז ווי נור עס איז אונטערגעקומען די געלעגענהייט, און מען האָט זיך גענומען שניידען איינע די אַנדערע די העלזער.

און זאָלען אונז אויך ניט נאַרען די אַלע אָפיציעלע פראַזען וועגען דער ענגליש רוסישער פריינדשאַפט. די אינטערעסען פון אימפּעריאַליסטישען ענגלאַנד און אימפּעריאַליסטישען רוסלאַנד זיינען דאָך ווייט איינע פון די אַנדערע. פאַר דאָס יאָהר 1913 האָט זיך דאָס אַזוי קלאָר ארויסגעשטעלט, אַז אין ענגלאַנד האָט מען אויפגעהערט צו טרומייטערן וועגען דער „דייטשער געפאַהר". פערקעהרט: צעהנדליגע און הונדערטע נאָך גאָר ניט לאַנג דייטשפיינדליכע צייטונגען האָבען מיט צופריעדענהייט צוגעגעבען, אַז פאַר דער גאַנצער צייט פון באַלקאַנישען קריזיס זיינען ענגלאַנד און דייטשלאַנד געגאַנגען האַנד ביי האַנד און האָבען מיט פעראייניגטע קרעפטען ניט דערלאָזען, אַז אַ וועלכע עס איז איירָאָפּעאישע ערשט קלאַסיגע מלוכה (דאָס מיינט מען רוסלאַנד און עסטרייך) זאָל זיך ניט אריינמישען מיט וואָפען אין די הענד אין דער באַלקאַנישער מהומה.

דער אַלטער דייטש־ענגלישער סכסוך ווערט אַליין מעהר אַ זאַך פון דער פערגאַנגענהייט, דערפאַר אָבער קומט ווידער אויף דער אַמאָליגער רוסיש־ענגלישער סכסוך, וועגען וועלכען מען האָט שוין אַ שטיק צייט געגלויבט, אַז ער איז שוין אויף אייביג פערגעסען — דער סכסוך וואַקסט און שטאַרקט זיך, דערווייל נאָך בעהאַלטענערהייד, פערשטעלט, אָבער גאָר אין גיכען וועט ער מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער ענגליש־רוסישער פריינדשאַפט.

וואָס זשע איז די אורזאַכע, וואָס דער ענגליש־רוסישער פריינדשאַפט איז בעשערט אַזעלכע קורצע יאָהר? פאַר וואָס קוקען פיעלע ענגלישע אימפּעריאַליסטען מיט אַזאַ חשד אויף די רוסישע דיפּלאָמאַטען?

די ווערטפולסטע ענגלישע קאָלאָניע איז אינדיען. דאָס איז אַן אונגעהויער גרויסער האַלב־אינזעל מיט אַ בעפעלקערונג פון 300 מיליאָנען. עס געהט אַ ווערטעל: „אינדיען דאָס איז דער שענסטער פּערל פון דער ענגלישער קרוין". און עס איז דאָ אַ געפאַהר, אַז דער פּערל זאָל ווערן דאָס ציערונג פון דער רוסישער קרוין.

ווען מיר נעהמען די ענגלישע „אַרמעע־בעפעהלע" (Army Orders) פאַר דעצעמבער, 1911, (4 A. O 344), זעהען מיר, דאָס פון די 14 ענגליש־אינדישע אָפיציערען, וועלכע האָבען געהאַלטען עקזאַמען אויף אַ פרעמדע שפּראַך, האָבען גאַנצע 11 געהאַלטען אויף רוּ־

סיס. רוסיש איז די בעליעבטעסטע שפראך פון די אינדישע אפיציערען. דאס האט פיעל צו זאגען. דאס בעווייזט, אז רוסלאנד ווערט בעטראכט אלס דער קינפטיגער שונא. מיר ווילען נאך דערמאהנען א רעדע, וואס דער ענג־לישער מיניסטער סילי האט געהאלטען אין 1913. ער האט ערקלערט: „ענגלאנד בויט איהרע לופט־שיפען הויפטזעכליך צו שיצען איה־רע קאלאניען — עגיפטען און נארד־אינדיען". נארד־אינדיען האט נור מורא צו האבען פאר רוסלאנד. הייסט דאס, ענגלאנדס לופט־פלאטע איז געריכטעט הויפטזעכליך געגען רוסלאנד — טראצדעם, וואס ענגלאנד און רוסלאנד שטעהען אין אזעל־כע פריינדשאפטליכע בעציהונגען.

אינדיען איז אבגעטיילט פון רוסלאנד מיט דריי לענדער: פערסיען, אפגאניסטאן און כינעזישען טיבעט. ווען רוסלאנד גיט זיך איין צו פערכאפען איינע פון די מדינות, שטעלט עס זיך מיט א פעסטען פוס ביים גרענעץ פון אינדיען. און דיזער פערל — א קאלאניע מיט 300 מיליאן בעפעלקערונג—ווערט פריהער אדער שפעטער אוועקגערויבט ווערען דורך'ן רוסישען אדלער. צפון פערסיען געפינט זיך שוין אין די הענד פון רוסלאנד. גלייכצייטיג אינטריגירט די רוסישע רעגיערונג אין טיבעט און פער־שטארקט דארט איהר איינפלוס. דער רוסי־שער פאליטיק אין פערסיען האבען מיר שוין געווידמעט א בעזונדערן ארטיקעל. דא ווילען מיר נאר אונטערשטרייכען איין פונקט פון דיע־זער פאליטיק—דעם טרויעריג בעריהמטען פרא־יעקט פון דער טראנספערסישער אדער אינדא־אייראפעאישער אייזענבאהן, וועלכע, לויט דעם פלאן פון די רוסישע אימפעריאליסטען, דארף דורכשניידען פערסיען פון צפון ביז דרום און דערגעהן ביז צום אינדישען גרענעץ. די רוסישע רעגיערונג שטיצט דיעזען פראיעקט מיט אלע איהרע קרעפטען, אבער א גרויסער טייל פון דער ענגלישער עפענטליכער מיינונג פראטעס־טירט העפטיג געגען דעם. וואסערע כונות זיי־נען בעהאלטען הינטער דיזען נייעם אויפטהו פון רוסישען אימפעריאליזם?

2.

צו וואס דארף רוסלאנד די טראנס־פערסישע אייזענבאהן?

די פראגע פון דער טראנס־פערסישער אייזענבאהן בעשעפטיגט שטארק די עפענטליכע מיינונג סיי אין רוסלאנד און סיי אין ענגלאנד. פאר וואס האט די רוסישע רעגיערונג זיך אזוי פעסט איינגעשטעלט פאר דעם דאזיגען פרא־יעקט? די גאנצע רוסישע אונאבהענגיגע פרע־סע איז געגען איהם. זי בעווייזט, אז א טראנס־פערסישע אייזענבאהן קען נור אנטהאן גרויסען שאדען די האנדעלס־אינטערעסען פון רוסלאנד אין מיטעלאזיען בכלל און אין פערסיען בפרט. איצט בעלאנגט די איבער־הערשאפט אויפ'ן פערסישען מארק צו רוסלאנד. לויט די ציפערן, וואס די אדמיניסטראציאן פון פערסישען צאהל־אמט האט פערעפענטליכט, האט דער אומזאץ פון פערסישען האנדעל מיט אויסלאנד (דער עקספארט און אימפארט) דורך אלע גרע־נעצען, פאר דאס יאהר פון 21טען מערץ 1910 ביז 20טען מערץ 1911, בעטראפען 859,934,534 קראן. פון דיזע באלד 860 מיליאן קראן איז אויף רוסלאנדס חלק אויסגע־קומען 582 מיליאן קראן, ד. ה. מעהר ווי א העלפט. רוסלאנד פיהרט אריין ארום א העלפט פון די סחורות, וואס פערסיען האט נייטיג צום געברויך; פערשלינגט 70 פרא־צענט פון גאנצען פערסישען עקספארט. עס איז קלאר, אז רוסלאנד שפיעלט היינט די הויפט ראלע אין עקאנאמישען לעבען פון פערסיען. און דאס אלעס וועט זיך מוזען ענ־דערן, ווען דער פראיעקט פון דער טראנס־פערסישער אייזענבאהן וועט דורכגעפיהרט ווערען

די זאך איז פשוט. די איבערהערשאפט פון רוסלאנד אויפ'ן פערסישען מארק היינט צו טאג נעהמט זיך פון דעם פערוועהר צו טראנספארטירען אויס־לענדישע סחורות דורך קאוו־קאז קיין פערסיען. דער פער־וועהר עקזיסטירט זייט 1883. זייט דעמאלט איז דער וועג דורך רוסלאנד קיין פערסיען פער־מאכט געווען פאר ניט רוסישע סחורות. איי־ראפעאישע סחורות האבען געמוזט אנלייגען א שטיק וועג און געהן דורך קליין־אזיען אדער איבער דעם פערסישען ים־אויסגוס, אזוי אזוי ארום צו דערגרייכען פערסיען. און אזוי לאנג ווי דער פערוועהר איז גילטיג, וועט די רוסישע אינדוסטריע האבען די איבערהאנד אויפ'ן פערסישען מארק. אבער אזוי גיך ווי די טראנס־פערסישע אייזענבאהן וועט אויפגעבויט ווערען— און דערצו וועט מוזען צוגעצויגען ווערן דער אייראפעאישער, הויפטזעכליך דער ענגליש־פראנצויזישער קאפיטאל — וועט דער פערוועהר מוזען בטל ווערן. ווארום די אייראפעאישע בורזשואזיע וועט קיין געלד ניט געבען אויף א זאך, וואס איז געגען איהרע אינטערעסען. און דאן, אין א פרייען קאנקורענץ־קאמפף, וועט די אבגעשטא־נענע רוסישע אינדוסטריע מוזען פערלירען. דער פערסישער מארק וועט פערפלייצט ווערען מיט אייראפעאישע, הויפטזעכליך דייטשע פאבריקאטען, וועלכע וועלען האבען פאר זיך אפען צוויי וועגען — אי די אייזענבאהן באג־דאד־טעהעראן און אי דורך רוסלאנד.

אָט פאר וואָס עס ציטערט די רוסישע בורזשואַזיע און דערפאר איז זי אזוי שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען דעם פּראָיעקט פון טראַנס־פערסישער אייזענבאַהן. בלויז די שוואַרץ־מאה׳דיגע פּרעסע פערטיידיגט איהם מיט היץ. די גאַנצע איבריגע פּרעסע — די ליבעראַלע און אָפּאָזיציאָנעלע, ווי „ריעטש“, „רוסקאיע סלאָווא“, „קיעווסקאיא מיסל“, „אוטרא ראסיאי“, „ארעסקייא נאוואסטי“ — מיט איין וואָרט די אונאבהענגיגע צייטונגען פון די הויפּטשטעדט און די פּראָווינצען — האָבען אַלע אין איין קול קריטיקירט דעם פּראָיעקט, טענה׳נדיג, אַז דער אינדא־אייראָפּעאישער וועג, וועלכער וועט אָבקאָסטען אַן ערך 400 מיליאָן רובל, וועט אַרויפלייגען אַ נייע לאַסט אויפ׳ן רוסישען פאָלק, אַז ער וועט טרייבען די רוסישע רעגיערונג צו ריזיקאַלישע אונטערנעהמונגען, ווי דער מאנדזשורישער וועג, אַז ער וועט ברייננגען אונגעהייערען היזק, ווייל די פּאסאזשירען בעוועגונג און דער טראַנספּאָרט פון סחורות וועלען בשום אופן ניט זיין אזוי גרויס, אום צו דעקען די הוצאות, און אַז ער וועט נאָך דערצו שטאַרק בעלעסטיגען דעם רוסישען בורזשעט, ווייל עס איז קיין סוד ניט, אַז אום צוצוציהען די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען, וועט די רוסישע רעגיערונג זיי מוזען גאַראַנטירען אַ בעשטימטען יעהרליכען איינקונפט. וואָס זשע צווינגט די רוסישע רעגיערונג זיך צו האַלטען אַן דעם פּראָיעקט, וועלכער איז אזוי פערבראַקירט געוואָרען פון דער רוסישער בורזשואזיע? וואָס פאר אַ טובה זוכט זי אין איהם, ווען ער איז אָפּען שעדליך פאר די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון רוסלאנד, און ניצליך בלויז פאר רוסלאנדס קאָנקורענטען אויפ׳ן פערסישען מאַרק?

אויף דעם וועלען מיר ענטפערן: די רוסישע רעגיערונג איז מיט דעם פּראָיעקט ניט אויסען וועלכע עס איז עקאָנאָמישע נוצען, ווי צ. ב. ש. די טובה פון רוסישען האַנדעל אין פערסיען. זי האָט אַן אַנדער ציעל: אינדיען! — צו פערכאַפּען דיעזען שעהנסטען פערל פון דער ענגלישער קרוין. דאָס איז פאר דער ווייטערער צוקונפט. און דערווייל שוין, אויף דעם איצטיגען מאָמענט, האָט זי דערביי מיליטער־סטראַטעגישע ציעלען. די טראַנס־פערסישע אייזענבאַהן וועט אויף אַ הויכען גראַד פערגרעסערען די אַנגרייפענדע קראַפט פון דער רוסישער אַרמעע אויף דער גרענעץ־ליניע פון גאַנץ מיטעל־אַזיען.

ווי בעקאַנט, איז די ענגליש־אינדישע אַרמעע זעהר שוואַך לויט איהר צאַהל. זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון בלויז 41 בריגאַדען, (236,000 סאָלדאַטען), פון וועלכע דער הויפּטטייל — 23 בריגאַדען — איז אויסגעשטעלט לעבען צפון־גרענעץ פון אינדיען. איז יעצט, ווען קיין טראַנס־פערסישע אייזענבאַהן איז נאָך ניטאָ, איז אַזא אַרמעע גאַנץ גענוג צו בעשיצען דעם צפון־גרענעץ. ווייל אינדיען איז פון צפון בעשיצט מיט מדבריות און בערג, און די גרויסע בערג האָבען נור צוויי בעקוועמע דורכגענג, אום דורכצולאָזען אַן אַנגרייפענדע אַרמעע: דעם קאַאיבער־דורכגאַנג, וועלכער פיהרט פון קאבולא צו פּעשעווער, און דעם באָלאַנער־דורכגאַנג — אויפ׳ן וועג צו קאַנדאַהאר. און אָט לעבען דיעזע דורכגענג איז קאָנצענטרירט די ענגלישע אַרמעע. — מען קאָן מיט זיכערהייט זאָגען, אַז היינט צו טאָג איז דער צפון־גרענעץ פון אינדיען בעסער בעשיצט ווי ווען עס איז בעפאָר.

אָבער ווי נור אַן אייזענבאַהן וועט געלייגט ווערן דורך פערסיען ביז צום גרענעץ פון אינדיען, פערלירט די גאַנצע שוין־סיסטעם איהר ווערטה. שוין היינט צו טאָג איז די רוסישע אַרמעע, וועלכע איז אויסגעשטעלט אין די צוויי מיליטערישע ראַיאָנען, וואָס זיינען אַם נאָהענטסטען צו אינדיען — קאַווקאַזער און טורקעסטאַנער ראַיאָן — פיעל גרעסער ווי די ענגלישע צפון־אינדישע אַרמעע, אין כמעט אַזוי גרויס ווי די צפון־ און דרום־אינדישע אַרמעען צוזאַמענגענומען. אין די ביידע ראַיאָנען שטעהען אונטער וואַפען, לויט דעם חשבון פון די ענגלישע מיליטערישע זשורנאַלען, 150 טויזענד מענשען. דיעזע 150 טויזענדיגע אַרמעע וועט ווערען גאָר געפעהרליך פאר דער אינדישער אַרמעע, ווען די טראַנס־פערסישע אייזענבאַהן וועט דערגרייכען דעם ענדע־פונקט קאַראַטשי, ווי עס ווערט געפּלאַנט. און ווען מען בעדענקט, אַז אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט די סיבירישע אייזענבאַהן, וועלכע פערמאָגט נור איין פּאָר רעלסען, געקאָנט צושטעלען אַ מיליאָן סאָלדאַטען אויף די פעלדער פון מאַנדזשוריען, בעגרייפט מען, ווי אונגעהויער עס וועט אויסוואַקסען די געפאַהר פאר דער קליינער ענגליש־אינדישער אַרמעע, אין דעם מאָמענט, ווען די רוסישע אייזענבאַהן וועלען פעראייניגט ווערען מיט די אינדישע. עס איז לייכט זיך משער צו זיין, אַז די טראַנס־פערסישע אייזענבאַהן וועט אויך אין פריעדליכע צייטען זיין אַ מעכטיגער מיטעל אין די הענד פון דער רוסישער רעגיערונג. מיט איהר הילף וועט זי אַרויפדריקען איהר ווילען אויף דער ענגלישער רעגיערונג און דיקטירען איהרע בעפעהלע. שוין איצט די אייזענבאַהן איז נאָך ניט אָנגעהויבען, און „נאָוואיא ווערעמיא“ שרייבט שוין:

„די אינדישע אַרמעע קאָן בשום אופן ניט

שטערען דער רוסישער צו פערנעהמען גאנץ צפון פערסיען און מאכען עס פאר א טייל פון דער רוסישער אימפעריע. ניט דער גרויסער נאָמען, ניט די מאכט, ניט דער געוואלטיגער איינפלוס, וואָס ענגלאנד פערמאָגט אין אזיען, וועלען אויף א האָר ניט קענען ענדערן דעם שיקזאל פון פערסיען, ווען רוסלאנד וועט בעשליסען צו מאכען א סוף צו פערסיענס עקזיסטענץ. ענגלאנד איז א וועלטמאכט, וועלכע רעגיערט איבער ימים... אָבער אלע איהרע אונבעזיעגבארע פלאָטען צוזאמענגענומען קענען ניט אָבשטעלען צוויי רוסישע שיעסער פאָלקען אויף דער יבשה, וועלכע געהען אייננעהמען טעהעראן". („נאוואיע וורעמיא", 25 נאָוועמבער, 1911).

אזוי רעדט „נאָוואיע וורעמיא" איצט. וואָס וועט זי שוין זאָגען שפעטער, ווען די שוין אָנגעפאנגענע אייזענבאהן אויף דער שטרעקע דזשולפא־טאווריז וועט פערענדיגט ווערן און די רוסישע פאָלקען וועלען אין גיכען קאָנען דערגרייכען ניט נור טעהעראן, נור אויך קוועטי, נושקי אָדער קאראטשי? רוסלאנד וועט שוין קענען אויסקומען אָהן א מלחמה מיט ענגלאנד. ענגלאנד וועט געצוואונגען זיין אונטערצושרייבען אן אָבמאך מיט רוסלאנד, ווי אמאָל איטאליען מיט עסטרייך, וואָס דאָס האָט אגב אורחא ניט געשטערט אז זיי זאָלען פערבלייבען דם־שונאים איינס דאָס אנדערע. מיט דער טראנס־פערסישער אייזענבאהן אלס א וואפע אין האנד, וועט רוסלאנד גאָר לייכט פועל'ן ביי ענגלאנד, אז דער וועג פון שווארצען ים — דער דורכגאנג דורך די דארדאנעלען — זאָל געעפענט ווערען פאר די רוסישע קריעגס־שיפען. רוסלאנד וועט אויף אזא אופן נעהמען הערשען איבער ביידע וועגען צו אינדיען: איבער'ן ים־וועג — דורכפיהרענדיג איהרע שיפען דורך די דארדאנעלען און אויסשטעלענדיג זיי ביים סועצער קאנאל, — און איבער'ן וועג מיט דער יבשה — דורך פערסיען. ענגלאנד וועט זיך מוזען וועהרען פון צוויי זייטען און וועט מוזען אויספאָלגען רוסלאנדס בעפעהלע...

וואָס שייך דעם איצטיגען ענגליש־רוסישען אָבמאך, האָט ער קיין בעטרעף ניט. די פאָליטיק וויים ניט פון סענטימענטען, פון ווייכע געפיהלען. נעכטען האָט רוסלאנד געפיהרט א בלוטיגע מלחמה מיט יאפאן, היינט איז רוסלאנד גרייט צו שליסען א בונד מיט'ן נעכטיגען טויט־פיינד. היינט פריינדעלט זיך רוסלאנד מיט ענגלאנד, מאָרגען ווען ענגלאנד וועט זיך שטעלען אנטקעגען די רוסישע פלענער אין מיטעל־אזיען אָדער אויפ'ן נאָהענטען מזרח, וועט רוסלאנד ניט מאכען קיין לאנגע שהיות און ברעכען דעם אָבמאך.

און די רוסישע אימפעריאליסטען שעהמען זיך ניט אָפען צו ערקלערען, אז דוקא דאָס פריינדליכע ענגלאנד שטעלט זיך אימער אין וועג, ווען רוסלאנד וויל זיך אויסשפרייטען טעריטאָריעל. „איז עס ניט צוליעב ענגלאנדס אויבערהערשאפט — שרייט אויס מיט צאָרן די „נאָוואָיע וורעמיא" (21 יוני 1912) — וואָס מיר האָבען אָנגעשטויסען זיך ווי אויף א שטיינערנע וואנד סיי אויפ'ן נאָהענטען און סיי אויפ'ן ווייטען מזרח? און וועט דיזע אויבערהערשאפט דען ניט אויך ווייטער פערהאלטען אונזער נאטירליכען וואוקס אויף ביידע וועלט־טהיילען—אין אזיען און אייראָפא?" אויף דיזער פראגע קאָן דער רוסישער אימפעריאליזם געבען נור איין ענטפער: „יאָ, ענגלאנדס אויבערהערשאפט אויפ'ן ים וועט פערהאלטען רוסלאנדס נאטירליכען וואוקס — וואָס דאָס מיינט רוסלאנדס טעריטאָריעלע אויסברייטונג — סיי אין אייראָפא און סיי אין אזיען אזוי לאנג, ווי רוסלאנד וועט ניט געפינען א מיטעל צו צווינגען ענגלאנד צו טהאָן אלץ, וואָס רוסלאנד, ענגלאנד'ס מעכטיגער פריינד און שיצער, הייסט. און דיזער מיטעל איז די טראנס־פערסישע אייזענבאהן, וועלכע וועט ברייגען די געפאהר פון א רוסישען איבערפאל אויף אינדיען. איין געדאנק וועגען דעם וועט שוין אָניאָגען אן אימה אויף ענגלאנד".

דיזע מיליטעריש־סטראטעגישע בעדייטונג פון דער טראנס־פערסישען אייזענבאהן פערשטעהט יעדער רוסישער פאטריאָט. אָט פארוואָס אונזער „אָפיציעזע פרעסע" וויל זיך ניט רעכנען מיט דער פראגע, צי די טראנס־פערסישע אייזענבאהן וועט ברענגען ריוח אָדער היזק, צי וועט זי זיין ניצליך אָדער שעדליך פאר דעם רוסישען האנדעל.

ווען א באהנוועג וועט דורכשניידען גאנץ פערסיען און דער רוסישער חיל וועט אין א פּאָאר שטונדען קאָנען צוקומען צו טעהעראן, וועט אפשר נאָך פאר א שטיק צייט פאָרמאל גילטען דער אלטער אָבמאך, אז צפון פערסיען בלייבט אונטער רוסישען איינפלוס, און דרום אונטער'ן ענגלישען, אָבער פראקטיש וועט שוין מיט'ן ערשטען מייל אויסגעלעגטען באהן־וועג רוסלאנד האָבען דערגרייכט נאָהענט צו יענעם ציעל, וועלכען דער רוסישער אינזשעניער, פ. א. ריטיך, האָט נאָך אין 1901, אין זיין בוך: „אן אייזענבאהן דורך פערסיען", אזוי דייטליך פאָרמולירט: „קיין צוטיילונג פון איינפלוסען, גאנץ פערסיען פאר רוסלאנד!"

אלזאָ די עפּאָכע פון פאליטישע אוואנ־

טורען, פון ריזיקאַלישע אונטערנעהמונגען האָט זיך פאַר רוסלאַנד נאָך ניט געענדיגט; אדרבא, עס שיינט, אז זי נעהמט זיך ערשט געהעריג פאַנאַנדערבליהען.

.3

די רוסישע אינטריגען אין טיבעט.

דער רוסישער אימפּעריאַליזם האָט נאָך ניט בעוויזען דורכצופיהרען זיינע פּלענער אין פּערסיען, און ער פּלאָנטערט שוין א נייע אינטריגע אין טיבעט. און דיזע נייע אינטריגע איז אויך געציעלט געגען ענגלאַנד: טיבעט ליעגט האַרט ביים צפון־גרענעץ פון אַזיען, אָבגעטהיילט פון אינדיען דורך די הימאַלאַיען־בערג.

דער פּערפאַסער פון דער נייער אינטריגע איז דער בעוואוסטער רוסישער אַגענט, דער בוריאַט אַווגאַן דזשאָרדזשיעוו. דאָס איז דערזעלבער אַווגאַן דזשאַרדזשיעוו, וועלכער איז געווען דער שולדיגער אין דעם קאָנפליקט צווישען ענגלאַנד און רוסלאַנד אין יאָהר 1904. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ענגלאַנד האָט דאַמאָלס ארויסגעשיקט א מיליטערישע עקספּעדיציע פון אינדיען קיין ליאַסאַ, די הויפּט שטאָדט פון טיבעט, וואו עס וואָהנט טיבעט'ס גייסטיגער רעגיערער און הערשער, דער דאַלאַי־לאַמאַ.

איצט לאָזט דערזעלבער דזשאַרדזשיעוו, דער רוסישער אַגענט, ווידער פון זיך הערען: ער איז דער אויפטהוער פון אַן אָבמאַך צווישען טיבעט און דער "כנייט'ער מאָנגאָליאַ. און דיזער טיבעט־מאָנגאָליאַ אָבמאַך שטעהט אין א ווידערשפּרוך מיט דעם רוסיש־ענגלישען אָבמאַך פון 1907, לויט וועלכען רוסלאַנד זאָגט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָב ארייננצומישען זיך אין טיבעטער אנגעלעגענהייטען. אויף טיבעט זאָל האָבען א מאָנאָפּאָל — ענגלאַנד. עס איז דאָך אָבער קלאָר, אז דורך דעם נייעסטען טיבעט־מאָנגאָלישען אָבמאַך, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך דעם אַגענט פון דער רוסישער רעגיערונג דזשאַרדזשיעוו, קריגט רוסלאַנד ווידער א פּאָליטישען איינפלוס אויף טיבעט, — ווען ניט דירעקט איז אונדירעקט, דורך מאָנגאָליען. בעזונדערס ווען מען נעהמט אין בעטראַכט, אז קורץ בעפאָר דעם טיבעט־מאַנגאָלישען אָבמאַך איז רוסלאַנד אריין אין א אָבמאַך מיט מאָנגאָליען...

פערשטעהט זיך, פאַרשטעהער פון רוסישען מיניסטעריום פון אויסערן לייקענען אז די רוסישע רעגיערונג האָט א וועלכען עס איז שייכות צום טיבעט־מאָנגאָלישען אָבמאַך. אָבער פיעלע פאַקטען בעווייזען אָהן צווייפעל, אז אַזאַ שייכות איז יאָ פאַרהאַן. שוין דאָס אליין, וואָס גלייכצייטיג זיינען אָנגעקומען אין פּעטערבורג צוויי אויסעראָרדענטליכע געזאַנדשאַפטען—אַ מאָנגאָלישע און אַ טיבעטישע פון דאַלאַי־לאַמאַ אין דער פערזאָן פון דעם דערמאָהנטען אַווגאַן דזשאַרדזשיעוו. יאָ, אין פּעטערבורג איז פערבונדען געוואָרען דער קנייפּעל פון די טיבעט־מאַנגאָלישע בעציהונגען, און די ענגלישע דיפּלאָמאַטען, מיט זייער גאַנצער קונסט, וועלען לאַנג מוזען ברעכען די פינגער, איידער זיי וועלען איהם פונאַנדערבינדען.

אָפּיציעל איז ניט בעקאַנט, וואָס זיינען געווען דזשאָרדזשיעוו'ס אינסטרוקציאָנען און וואָס פאַר אַ פערשפּרעכונגען ער האָט בעקומען. אָבער די אימפּעריאַליסטישע רוסישע פּרעסע האָט ניט דורכגעלאָזט די געלעגענהייט און האָט זיך אָפען ארויסגעזאָגט וועגען די רוסישע פּלענער אין בעצוג צו טיבעט. אָט וואָס די „נאָוואָיע ווערעמיאַ“ האָט געשריעבען וועגען דזשאַרדזשיעוו'ס קומען אין פּעטערבורג און זיין וויזיט — דעם 31טען יאַנואַר — אין דער ווייט־מזרח'ישער אָבטיילונג פון אויסערן־מיניסטעריום:

„טיבעט האָט פון אייביג אָן געקוקט אויף רוסלאַנד ווי אויף א מעכטיגען פריינד. די גייסטיגע פערבינדונג צווישען רוסלאַנד און טיבעט איז אימער געווען שטאַרק. דער אָבמאַך פון רוסלאַנד מיט מאנגאָליאַ פון 21טען אָקטאָבער 1912 האָט פאַקטיש געשאַפען דעם באָדען פאַר א דערנעהענטערונג מיט טיבעט, ווייל טיבעט האָט פון זיין זייט דעם 24טען דעצעמבער געשלאָסען אַן אָבמאַך מיט מאנגאָליאַ. אויף אַזאַ אופן **איז רוסלאַנד איצט דורך מאָנגאָליאַ פערבונדען מיט טיבעט**... מיט דזשאַרדזשיעוו'ס הילף קאָן מען ברייגנען אין האַרמאָניע די ענגלישע און רוסישע אינטערעסען אין טיבעט. רוסלאַנד מוז עס דערגרייכען. ניט נור אונזערע בוריאַטען פון סיביר, נור גאַנץ מאנגאָליאַ איז גייסטיג פערבונדען מיט טיבעט, פעראייניגט דורך דער שפּראַך, רעליגיאָן און מנהגים, און איצט דורך אַן אָפּיציעלען אָבמאַך בילדען מאנגאָליע און טיבעט איין גאַנצעס. אונזער באַנק אין אורגא, די הויפּט שטאָדט פון מאנגאָליאַ, קאָן אויך פונקציאָנירען פאַר טיבעט. טיבעט וועט גערן אָננעהמען אונזערע קרעדיט־בילעטען. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז הינטער דער מאנגאָלישער פראַגע, וועלכע איז נאָך עד היום ניט רעגולירט פון אונזער דיפּלאָמאַטיע, **רוקט זיך פון זיך אליין ארויס, דורך דעם גאַנג פון די געשעהניסען אויפ'ן ווייטען מזרח, די טיבעטער פראַגע**.ביידע פראַגען זיינען ענג פערקניפּט". („נאָוואָיע ווערעמיאַ“, פון 3 פעברואַר, 1913).

דאָ האָט איהר פאַר זיך אַ גאַנצע פּראָגראַם. דער גרונד־זאַץ איז, אז מאַנגאָליא און טיבעט זיינען איין גאַנצעס. דערפון דאַרף מען דרינגען, אז וויבאַלד די רוסישע רעגיערונג האָט אויסגעשפּרייט איהר איינפלוס אויף מאַנגאָליאַ און וועט אין גיכען איהר אין גאַנצען אַרונטערנעהמען אונטער איהרע שיצענדע פליגלען, וועט שוין טיבעט במילא מוזען קומען אונטער דעם רוסישען איינפלוס. דער טיבעט־מאַנגאָלישער אָבמאַך פון 29 דעצעמבער 1912 איז א טריט ווייטער צו דיזען ציעל. דער צווייטער טריט וועט זיין די ערעפענונג פון א רוסישער באַנק אין ליאססא, און דאַן דער פרייער לויף פון רוסישע קרעדיט־בילעטען אין טיבעט, און דאַן וועט מען שוין אַוועקשטעלען די טיבעטער פראַגע אין פולען גאַנצען.

און נאָך אַ ווילדערער און געפעהרליכערער פּלאַן איז פאַר דער לעצטער צייט אַרויסגעשוואומען אין דער רוסישער אימפעריאַליסטישער פרעסע — א פּלאַן פון א טראַנס־מאַנגאָלישער אייזענבאַהן, וועלכע דאַרף דורכשניידען גאַנץ מאָנגאָליאַ און אונגעהויער פערשטאַרקען די רוסישע מאַכט אויף די גרענעצען פון כינאַ, טיבעט און אינדיען. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז *אינדיענס שוואַכסטער פונקט איז דער גרענעץ מיט טיבעט*. כאָטש דאָרט שטעהען די העכסטע בערג פון דער וועלט, די הימאַלאַיען, האָבען זיי אָבער בעקוועמע דורכגאַנגען, וועלכע קענען דורכלאָזען די גרעסטע אַרמיעען.

שוין אין יאָהר 1913 איז איבערגעגאַנגען די הימאַלאַיען א 70־טויזענדיגע כינעזישע אַרמעע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון טשענלינג. און נאָך גאָר ניט לאַנג, אין 1904, איז אַן ענגלישע אַרמעע פון טויזענד מאַן איבערגעגאַנגען די הימאַלאַיען און האָט דערמיט בעוויזען, אַז פון טיבעט ביז ענגלאַנד איז איין טריט.

עס איז דאָך קלאָר, אַז ענגלאַנד, וואָס וויל ניט דערלאָזען קיין טראַנס־פערסישע אייזענבאַהן, וועט זיך פערהאַלטען מיט דעמזעלבען חשד צו דער אידעע פון א טראַנס־מאַנגאָלישער אייזענבאַהן און איבערהויפּט צו די רוסישע פּרעטענזיעס אין בעצוג צו טיבעט. אָבער די רוסישע אימפּעריאַליסטען שטעלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָב. דער רוסישער אימפּעריאַליזם דאָס איז א מין שרעקליכע בעשעפעניש, וואָס קאָן קיין מאָל ניט זאַט ווערען. אַלע ווייַלע פאָדערט עס פרישע שפּייז. נאָך ניט אַראָבגעשלונגען דעם פערסישען ביסען, ווי ער שטרעקט שוין די לאַפּע צו מאָנגאָליאַ און רוקט זיך צו טיבעט און טערקישען אַרמעניען און לאָזט ניט אָב אן אויג פון פערסישען ים־אויסגוס און אינדיען. דער פערסישער ים־אויסגוס און אינדיען—דאָס זיינען די צוויי געשמאַקסטע ביסענס, פון וועלכע עס חלומ'ט טאָג און נאַכט. עס איז ווירקליך, ווי דאָס לאַטיינישע שפּריכוואָרט זאָגט:

—וועמען גאָט וויל אומברענגען, נעהמט ער פון איהם אַוועק דעם שכל.

י. י. שוואַרץ

אויפ'ן גליטש

ווי א בלוי קריסטאָל'נער שפּיעגעל
האָט די אָזיערע צושפּרייט זיך;
אין א קרוין פון זילבער־בלומען
האָבען ווערבען ווייס בעקליידט זיך.

אונז אַנטקעגען, האָט דער מערב
צאַרט און ראָזיג זיך צוגאָסען;
און דער בלויער שנעע פון אונטען
האָט מיט פייערלעך געשאָסען.

ליכטיג, לעבעדיג און לוסטיג
האָט דאָס יונגוואַרג זיך געטראָגען.
בלאַנקע גליטשערס האָבען פונקען
פונ'ם אייז ארויסגעשלאָגען.

ס'האָט דער פראָסט געהויכט מיט פייער,
היים צוואַרעמט די געבליטען...
מיט א פרייד־געקלאַנג פון גלעקלעך
האָט פערביי־געיאָגט א שליטען.

פלינקער, פלינקער טראָגען מיר זיך,
שטיפען, דרעהען זיך און בויגען;
ס'ברענט דער מערב אויף די באַקען,
ס'לויכט דער הימעל אין די אויגען.

איי, צוואָגט זיך שטאַרקער, ראַשער —
זאָל דער שנעע אין פנים שפּריצען,
זאָל דער אייז נאָך שטאַרקער קלינגען,
זאָלען אויגען העלער בליצען!

גרינגע, דונקעל־בלויע שאָטענס
פלעכטען שטיפערש זיך און יאָגען...
כ'פאַל צום אייז צו א פערבלענדטער —
כ'קאָן ניט מעהר מיין גליק פערטראָגען.

ס'קלינגט דער אייז און שיסט מיט פונקען,
ס'שלאָגט א זילבערנער געלעכטער...
לאָקען פליהען, אויגען גליהען —
אָה, דו שעהנסטע פון די טעכטער!

בעל מחשבות

די אידישע יוגענד אין די 90-ער יאָהרען

(אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס)

.4

מאַנכע פון די לעזער וועלען אפשר מיר מאַכען די בעמערקונג, אז דאָס בילד, וואָס איך האָב געמאָלט פון די סטודענטען אין די 90ער יאָהרען, איז בכלל דאָס בילד פון איטליכער יוגענד אין דער צייט, ווען זי גרייט זיך צו צו א געוויסער וויסענשאַפטליכער אָדער פאָלי־טישער צוקונפט. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג בנוגע צו איטליכער עפּאָכע.

ווען מען פערגלייכט די סטודענטישע יוגענד פון היינט און פון דענסטמאָל, איז דער חלוק אזוי גרויס, דאָס ער ווארפט זיך איטליכען אין די אויגען.

דער היינטיגער סטודענט קומט אין די קאָלאָניע א פיעל צייטיגערער, שוין א פיעל געבילדעטער און קולטורעלערער, ווי דענ־מאָלסט.

צווישען די היינטיגע וועט איהר זעלטען ווען געפינען א סטודענט אָהן א מיטעלער בילדונג.

די סטודענטען פון די גרעסערע שטעדט זיינען שוין מעהר פערטראָטען, ווי אמאָל (בכלל האָבען זיך אין רוסלאנד שטארק ענטוויקעלט די שטעדט אין די לעצטע 20 יאָהר).

חוץ דעם, קומט דער היינטיגער סטודענט מיט דער אינעווניגסטער ערפאהרונג פון א דורכגע־לעבטער רעוואָלוציע אין רוס־לאנד, און די דאָזיגע אינעווניגסטע אי־בערלעבעניש איז א שטיק דורכגע־לעבטע קולטור. זי מאַכט שוין די היינטיגע יוגענד ווענינגער פריי אין איהרע מיינונגען אן פלענער, ווי דענמאָלסט, ווען דער אידישער סטודענט האָט אייגענטליך נאָך גאָר־נישט דורכגעלעבט אזוינס, וואָס ענטפלעקט פאַר איהם, מיט דעם שיין פון א בליץ, די קאָמפּליצירטקייט פון א פאָלקס־ און א מלוכה־לעבען. עס איז איבריג אָנצואווייזען נאָך אויף פיעלע אנדערע חלוקים, וואָס איטליכער קען דאָס אליין בעמערקען.

אזא זעלבסט־פרייהייט, אזא פעהלען פון איטליכען אטמאָספערען־דרוק, וואָס איז אן און פיר זיך קיין גרויסע מעלה ניט; אָבער וואָס האָט די ניט־צייטיגע, ניט־צוגעגרייטע, קליינ־שטעדטעל'דיגע, ניט־קולטורעלע יוגענד געגע־בען דעם מוט ארויסצוגעהן געגען אלערליי גלית'ען, איז נור געווען אין די סטודענטען־קאָלאָניעס פון די 90ער יאָהרען, און האָט זיך דערווייל, אין די שפּעטערדיגע צעהנדליג יאָהרען, אין ערגעץ ניט איבערגע'חזר'ט ביי דער אידישער סטודענטענשאַפט.

דער אידישער סטודענט, כאָטש ער איז יונג, איז אין די לעצטע 20 יאָהר אויסגעוואַק־סען... אויף 20 יאָהר. זיין יוגענד איז שוין געקנעפּעלט מיט אלערליי פּאַרטיי־פּראָגראַמען. ער איז שוין ניט איצט דער שעפּפער, דער נאַיווער ערשטער, וואָס קריצט אויס זיינע שטיינערנע לוחות. זיין ארבייט בעשטעהט איצט דארין, דאָס געשאַפענע צו פערבעסערען, דעם געדאַנקען צו געבען א גוף, דער פּאַרטיי צו געבען אן אָרגאַניזאַציע, די צאָהל פון זיין חיל צו פערגרעסערן און די שוואַכע ערטער אין זיין בנין צו שטיצען און צו בעפעסטיגען.

אין די 90ער יאָהרען אָבער איז דער סטודענט געווען (ווענינגסטענס אין זיין פאָר־שטעלונג), דער ערשטער, דער אדם אין גן עדן, וואָס האָט מיט א אינגעלשער העזה אָנגערופען די חיות מיט זייערע נעמען, און מיט דעם לייכט־זין פון א פרישער, ניט פערשקלאַפטער באַר־באַרישער יוגענד אויסגעטיילט איהרע סאָציאַ־ליסטיש־בונדיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע צעטלאך און זיי צוקלעפּט מיט פעטע אותיות אויף אלע ווענט און פּאַרקאַנעס.

.5

צווישען בוך און געזעלשאַפטליכען לעבען איז שטענדיג פאַראַן א וואַנד. וואָס שטאַר־קער עס איז דאָס לעבען פון כלל, אלץ שוואַכער ווערט דער איינפלוס פון בוך. די יוגענד אָבער פון די 90ער יאָהרען האָט ניט געלעבט אין א ברייטער געזעלשאַפטליכער אטמאָספע־רע, און דעריבער איז דער איינדרוק אויף איהר פון בוך געווען געוואַלדיג גרויס.

מיט דעם באַגאַזש פון עטליכע פּאָפּולערע ביכלאך, און מיט דעם דערמאָהנטען פלעכאַ־נאָוו'ס, בעבעל'ס „פרוי“ און קויטסקי'ס בוך איז ארויסגעטראָטען דערמאָלסט דער סטודענט געגען אלע זיינע געגנער. די דאָזיגע ביכלעך זיינען געווען פאַר איהם א מין תורת־משה, וואו מען האָט געקענט געפינען אן ענטפער אויף אלע וועלט־פראַגען.

דער סאָציאַליסטישער געגנער פון פּלעכאַנאָוו'ן, די אינדיווידועלע סאָציאַליסטען פון מיכאַילאָווסקי'ס שניט, האָבען געאַרבייט מיט ניט קיין גרעסערען באַגאַזש. און די נאַציאָנאַליסטען האָבען געהאַט אַלס כלי זין געגען זייערע געגנער עטליכע מאָגערע בראָשורען, מיט וועלכע זיי פלעגען זיך בעוואַפנען אויף די גרויבע כּטודענטישע וכוחים־אבענדען.

אַלע די דאָזיגע ביכלעך זיינען געווען פאַר זיי, ווי פאַר דעם מוזיקער די טעמא, אויף וועלכער ער מאַכט אייגענע ברייטע וואַריאַציעס, ווי די ביבעל פאַר'ן סכאָלאַסטיקער אין מיטעלאַלטער, וועלכער האָט פון איהם אַרויסגעדרונגען אַ וועלט פּרושים און ביאורים.

גלייכצייטיג מיט דער גאַנצער פעראַכטונג צו די אַלטע אויטאָריטעטען, גלייכצייטיג מיט דער אינעווענינגסטער פרייהייט, וואָס האָט אַלץ מבטל געווען, האָט די יוגענד געהאַט אַ מורא'דיגען אבשיי פאַר די פּאָאר ביכלעך, אויף וועלכע עס האָבען זיך געשטיצט זייערע סברות און זייערע געפיהלען — די געפיהלען פון אַ יוגענד, וואָס איז געקומען מיט דער שליחות אַלץ איבערצומאַכען, אַלץ צו רעפאָרמירען.

אויף דעם הויכען שנעע־באַרג, וואו זיי האָבען געלעבט ; אויף דעם באַרג, וואו עס עקזיסטירען ניט קיין ווייכע געפיהלען, און עס קיניגט נור דער געזונדער, טרוקענער פערשטאַנד ; אויף דעם באַרג, וואו עס ווערט איבערגעקאָכט אין אַ פייערדיגען קעסעל דער גאַנצער סדר פון לענדער, פעלקער ; וואו אין דעם אייגענעם קעסעל שמעלצט זיך אויס „די פריי־געוואָרענע פרוי“, „דער פריי־געוואָרענער ארבייטער“, וואו עס ווערען צושמאָלצען די קרוינען פון מלכים און קסירים, וואו עס בילדעט זיך אַ קאָמוניסטישע וועלט פון אַ 60 מיליאָן פויערים אין רוסלאַנד, אויף אַ פרייער ערד ; וואו עס ווערט מיאוס בע'גזל'ט דער קאַפּיטאַליסט און שעהן בעשאָנקען דער פראָלעטאַריאַט, אויף וועלכען עס שטעהט די גאַנצע וועלט ; וואו עס געהט אַרויס פון בוזעם אַ אידישע נאַציאָן מיט אַ נאַציאָנאַלען זעלבסטבעוואוסטזיין און אַ נאַציאָנאַלען כח — אָט אויף דעם דאָזיגען קאַלטען, פרישען שנעעבאַרג האָט די יוגענד מיטגענומען מיט זיך איין־איינציגע ליעבע, די ליעבע צו די פּאָאר פּאָפּולערע ביכער, פון וואַנען עס האָבען געשלאָגען, ווי אַ פאָנטאַן, זייערע כּלל־פּלענער, טהעאָריעס און זייערע צוקונפט־פּראָגראַמען.

מען האָט זיך ניט געשעמט, ביי דער גאַנצער אינעווענינגסטער פרייהייט, אויף די וכוחים־אבענדען, זיך איטליכע מינוט צו שטיצען אָדער אויף די אקסלען פון קויטסקי'ן, אָדער אויף די מאָגערע בראָשורע פון ליליענבלום'ען, אָדער אויף דעם, אָדער אויף יענעם אַרטיקעל פון לאַוראָוו'ען און די דענמאָלסט שטאַרק־פּאָפּולערע „היסטאָרישע בריעף“.

די אונוויסענהייט אין יענע דיסקוסיאָנס־אבענדען איז געווען געוואַלטיג גרויס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען געשאָסען מיט אַרבייטער סטאַטיסטיקען, געצויגען פון קניה (ד. ה. פון דעם רצון צו האָבען אין רוסלאַנד אַ שטאַרקען פּראָלעטאַריאַט) ; די נאַראָדאָוואָלצעס, וואָס האָבען געלעגט אַלע זייערע האָפנונגען אויפ'ן פויער, האָבען דערצעהלט מעשות פון פויער'שען (קאָמוניכטישען) געמיינדע־לעבען, וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, און ביים נאַציאָנאַליסט אין מויל פלעגט אויסוואַקסען די אידישע היסטאָרישע פערגאַנגענהייט און די איצטיגע פּאָלקס־קולטור מורא'דיג גרויס און ערהאַבען.

זעלטען ווער עס האָט געהאַט דענסמאָלט אַ ריכטיגע, אביעקטיווע פאָרשטעלונג פון די כחות און פאַקטאָרען אין זיין לאַנד און זיין נאַציאָן, אויף וועלכע ער האָט מיט אַזאַ זיכערקייט געבויט זיינע צוקונפט־פּלענער. און גראַד די, וואָס האָבען זיך שפעטער אויסגעצייכענט מיט זייערע גרויסע אַגיטאַטאָרישע און אָרגאַניזאַטאָרישע קרעפטען, זיינען געווען אָפטמאָל פון די אונוויסענדסטע אונטער זייערע חברים.

בנוגע צו די סאָציאַליסטען איז זעלטען ווען געווען איינער, וואָס האָט גרינדליך געקענט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. און ווען איינער האָט שוין יאָ וואָס עס איז געלעזען, זיינען דאָס געווען אפשר פּאָפּולערע בראָשורען אין גייסט פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג, וואָס האָט געגעבען אַ אידישען חריפ'שען גמרא־קעפּעל די מעגליכקייט צו פערענטפערען לויט דעם שאַבלאָן אַלע וועלט־ און גייסט'ס־פּראַגען.

די תורה פון די נאַראָדאָוואָלציעס האָט זיך אויך ניט געגרינדעט אויף אַ טיעפען שטודיום פון דער ליטעראַטור, חוץ עטליכע אַנערקענטע ביכלעך. געגנער האָט מען בכלל ניט געלעזען. און די קאָנקרעטע, לעבעדיגע מענשען, וועגען וועמען עס רעדט זיך אין די ביכער, האָט מען נור געקענט פון דער ליבעראַלער בעלעטריסטיק און פון די פּאָאר קאָרעספּאָנדענצען אין די ליבעראַלע צייטונגען.

אויך איז דער נאַציאָנאַליסט געקומען אַ נאַקעטער צו זיין נאַציאָנאַליסטישער בימה. זעלטען ווען האָט איהר געקענט געפינען אַ נאַציאָנאַליסט, וואָס האָט געהאַט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג פון די נאַציאָנאַלע בעוועגונגען ביי אַנדערע פעלקער. נאָך מעהר. כמעט קיינער פון די נאַציאָנאַליסטען האָט ניט געקענט די געשיכטע פון

ז י י ן פ אָ ל ק, די שפּראַך זיינע, זיין אינערליך פאָלקס־לעבען און זיין עקאָנאָמישעס לעבען, סיי אויפ'ן אָרט, סיי אין די לענדער, וואוהין דאָס פאָלק עמיגרירט.

מיט דעם לייכטען כלי זיין פון א דוד'ל איז די יוגענד ארויס געגען א וועלט פון פיינדליכע קרעפטען. ניט די קענטנישע און וויסענשאַפטען האָבען איהר געגעבען מוטה און זיכערקייט, נור דער רצון, דער אויפריכטיגער פעסטער רצון איבערצואַנדערשען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען אזוי, אז דאָס זאָל ווערען פרייער, בעסער און לייכטער. און דערום טאַקע איז דער ג ע ד אַ נ ק מיט דער טהאַט געווען אזוי שטאַרק צונויפגעשמידעט ביי דער יוגענד, וואָס איז געווען פריי פון אַלץ, פריי אַפילו פון דער וויסענשאַפט, חוץ עטליכע וועגוויזער־גדולים, פריי כמעט פון אַלץ, וואָס קען פערהאַלטען דעם פעסטען, ברייטען, מוטיגען טריט.

.6

די פראַגע צו ערקלערען פאַרוואָס די 90ער יאָהרען האָבען ארויסגעבראַכט אזאַ יוגענד, וואָס האָט געהאָלפען בעשאַפען א נייע עפּאָכע אין אידישען לעבען — איז א פראַגע פאַר זיך און פאָדערט א ספּעציעלע אָבהאַנדלונג. אודאי זיינען פריהער געווען אזוינע סבות, סיי געזעלשאַפטליכע, סיי אַלגעמיין ביאָלאָגישע (מען האָט ניט איין מאָל גערעדט, און איך אויך בתוכם, אז דער אידישער אָרגאַניזם אלס גאַנצעס, איז גראַד צו די יאָהרען שטאַרק אויסגעוואַקסען), וואָס האָבען בעשאַפען אזאַ מין כאַראַקטעריסטישע יוגענד, וואָס איז צוגלייך געווען, סיי אָרים, סיי רייך, סיי באַרבאַריש און סיי פרוכטבאַר־רעפאָרמאַטאָריש, סיי הויל־נאַקעט פון אַלע קולטורעלע מאַניערען, סיי די ערשטע מיטהעלפער פון א נייער אידישער קולטור, סיי גייסטיג ניט צייטיג און סיי גייסטיג־לעבעדיג און מוטיג, סיי בלינד אין פאָליטיש־געזעלשאַפטליכע פראַגען, און סיי זיכער און דרייסט אין רצון.

איטליכער אָבער, וואָס איז בעקאַנט מיט די געשעהנישען אין אידישען לעבען אין די לעצטע 20 יאָהר, וועט מוזען מודה זיין, אז אויף די דאָזיגע געשעהנישען האָט שטאַרק געווירקט אָט די יוגענד, וואָס האָט אַמאָל בעקומען איהר ערציהונג און בילדונג אין די קליינע זאַלען פון די סטודענטישע דיסקוסיאָנס־אבענדען אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס.

אין די דאָזיגע אבענדען איז פערשטאַרקט געוואָרען דער רצון פון סאָציאַליסטען און נאַציאָנאַליסטען. אין זיי האָט מען בעקומען די כלי זיין, מיט וואָס מען האָט געהאַט שפּעטער צו קעמפּפען. דאָרטען האָט מען אויסגעשלייפט די צינג אויף די שפּעטערדיגע אַגיטאַציע, דאָ האָט מען דערהערט די פערשיעדענע שטימען פון איטליכער ספּעציעלער סאָציאַליסטישער אָדער נאַציאָנאַליסטישער נשמה, דאָ איז געוואָרען אויסגעשמידט דער ווילען, דאָ איז מען קלערער דערגאַנגען, וואָס פאַר א שמערץ דאָס איז צו לעבען אין אַן אָבגעשטאַנענעם, פערשקלאַפטען לאַנד, צו לעבען א צושפּרייטער און א צוזייטער צווישען א פרעמדער און א פיינדליכער קולטור.

עס איז אַ טעות צו מיינען, אז די יוגענד האָט נור געקלאָגט אויף דאָס אומגליק פון פערקנעכטעטען אידען, אָדער פויער, אָדער אַרבייטער, אז אין איהר האָט נור פּראָטעסטירט בלויז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט קעגען דעם ס אָ צ י אַ ל ע ן אומרעכט. די יוגענד איז שטאַרק עגאָאיסטיש און אין סאָציאַלען אומרעכט זעהט זי די א י י ג ע נ ע אונגערעכטיגקייט. זי פערטהיידיגט ניט נור די אַרבייטער, דעם פויער, נור הויפּטזעכליך אויף זיך אַליין. זי זעהט זיך אַליין אין דעם צושטאַנד פון א קרבן. זי איז ווי די פיינע פרויענזעעלע, וואָס לעבט איבער פרעמדע ליידען, ווי אייגענע. איהר נשמה מאַסקירט זיך ווי א קינד אין אַלערליי מאַסקעס און לעבענס־לאַגעס, און פונקט ווי א קינד דערשרעקט זי זיך פאַר דער מאַסקע, וואָס זי האָט אליין אָנגעטהאָן. די סטודענטישע יוגענד, וואָס, על פּי שכל, האָט זי קיינמאָל ניט געקענט קומען אין מצב פון אַן אַרבייטער אָדער א רוסישען פויער, האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין די לאַגע פון פערשקלאַפּטען, אז זי האָט זיך מייסטענס געפיהלט ווי דער פערשקלאַפּטער אליין. איהר פּראַטעסט האָט דערום געהאַט די קראַפט פון אַ ן ע ג אָ א י ס ט י ש ע ן פּ ר אַ ט ע ס ט, און דערום איז ער געווען אזוי שטאַרק, האָט ער זיי אזוי גוט צוגעגרייט צו זיין שפּעטער סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע פיהרער.

נאָך שטאַרקער איז געווען דער עגאָאיסטישער פּראַטעסט ביי די נאַציאָנאַליסטען, וואָס האָבען זיך שוין ניט געדאַרפט מ אַ ס ק י ר ע ן אין דער געשטאַלט פון א אידען, אום איהם מיטצוהעלפען און צו נעהמען זיין שיקזאַל אין די אייגענע הענד. איטליכער נאַציאָנאַליסט האָט קלאָר געוואוסט, וואָס עס שטעהט איהם פאָר אין דער צוקונפט, און די קומענדיגע ביטערע לאַגע זיינע אין לאַנד, וואו עס הערשט די פינסטערע רעאַקציע, האָט געמאַכט זיין פּראַטעסט שטאַרק עגאָאיסטיש, לעבענדיג, האָט איהם געגעבען די קראַפט בייצושטעהן אַלע זיינע געגנער, וואָס האָבען איהם געטרייסט מיט אַלערליי צוזאָגען אויף די קומענדיגע ליכטיגע צייטען, ווען דער פויער און אַרבייטער וועט נעהמען די מאַכט אין די

הענד. און דערום קען מען זאָגען, אז די
יוגענד אין די 90ער יאָהרען, צום אונטערשייד
פון די שפּעטערע, ווען די טהעאָריען און די
פּראָגראַמען האָבען כמעט דער־
שטיקט דאָס נאַטירליכע פיה־
לען אין דעם אונמיטעלבארען
עגאָאיסטישען פּראטעסט, האָט
ווענינער געהאַט צו קעמפּפען מיט זיך, ווען די
ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערע גדאַנקען האָבען
געפּאָדערט אַ גיכע ענטשלאָסענע טהאַט.

„ענג איז דער מהלך פון די גדאַנקען,
גרויס איז דער מהלך פון דער טהאַט“ — האָט
אַמאָל געזאָגט דער גרויסער פּאָעט שילער.
ווען דער גדאַנק, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט
אין קאָפּ, דערנעהט מיט אמאָל דעם געוואַלדי־
גען מהלך, וואָס מען דאַרף דורכמאַכען ביז
מען קומט צו דער טהאַט, ווערט ער שטאַרק
מבולבל און בעקומט פּחד פאַר זיך אליין, פאַר
זיין אייגענער העזה, וואָס האָט זיך ניט גע־
רעכענט מיט'ן מהלך פון גדאַנקען ביז צו דער
טהאַט. די יוגענד אָבער פון אונזער ארומגע־
רעדטער עפּאָכע האָט בכלל ניט געהאַט, ווי מיר
האָבען פריהער דאָס כאַראַקטעריזירט, קיין
קלאָרע השגה פון א גרויסען אָדער קליינעם
מהלך. דער לעבענדיגער אינוועניגסטער פּראַ־
טעסט, און די שוואַכע אינגעלשע דמיונות וועג־
גען א מלוכה־, געזעלשאַפט־ און פּאָלקס־לעבען,
וואָס לאָזט זיך ענדערן, איבערבויען, רעפאָרמי־
רען, ווי א ווייכע גיפּס־מאַסע, האָט זיי ניט
אָבגעהאַלטען אויפ'ן וועג פון גדאַנק און
טהאַט, און מיט א בלינדען טהעטיגען רצון זיי־
נען זיי ארויסגעטראָטען קעגען א פוילע פער־
שלאָפענע געזעלשאַפט מיט דער העזה און דער
זיכערקייט פון דעם גריכיישען, לעגענדאַרישען
צענטאַוור. דער צענטאַוור איז צוגלייך
דער פערד און צוגלייך דער רייטער; צוגלייך
דער, וואָס טראָגט אויף זיינע פּלייצעס די נייע
משא פון גדאַנק, און צוגלייך דער רייטער,
וואָס טרייבט דעם גדאַנק איבער פעלדער,
וועלדער, און פערוואַנדעלט איהם אין א
ממשות'דיגע טהאַט.

.7

ווען מען בעטראַכט דעם אנפאַנג פון די
90־ער יאָהרען אין רוסלאַנד, בנוגע צום אידי־
שען לעבען, ווען מען דערמאַהנט זיך די גע־
וואַלטיגע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אויף
דער אידישער גאַס, און אין אלגעמיין־געזעל־
שאַפטליכען לעבען, — הויבט מען אָן ערשט
צו פערשטעהן, וואָס פאַר א לעבעדיגע קראַפט
עס איז געווען דענמאַלסט דער אידישער סטו־
דענט אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס.

דער חבת־ציון האָט צו יענער צייט אָנגע־
הויבען אויסצושטאַרבען. אין דער עראינערונג
זיינען געבליעבען עטליכע פאַקטען, וואָס האָבען
נישט צוגעגעבען קיין מוטה דער אידישער נאַ־
ציאָנאַלער בעוועגונג. דער סאָציאַליזמוס אין
דער פאָרם פון שפּעטערן בונדיזמוס האָט נאָך
געקנעלט אין די שטיבלעך מיט ווייניגע אַרביי־
טער, וועלכע מען האָט אויסגעלערנט לייענען
רוסיש און נאָך אַזוינע איבריגע זאַכען. די
אידישע פּרעסע איז נאָך כמעט דענמאַלסט נישט
געווען, און די פּאָר רוסישע און העברעאישע
בלעטער, וואָס האָבען עקזיסטירט, האָבען נישט
געהאַט קיין שום איינפלוס אויף דער וואַקסענ־
דער יוגענד, און זיינען געווען נודנע לאַנגווייליג.
גלייכצייטיג איז געוואַקסען די שלעכטע בעצי־
הונג צו די אידען מצד דער רעגירונג און דער
מאַכט. מיט א פּעדאַנטישער אויסגעהאַלטענ־
קייט האָט זיך אַלץ ענגער צוזאַמענגעצויגען די
שטריק, וואָס האָט געפּענטעט דאָס אידישע
לעבען, און עס געטריבען צו די עמיגראַציאָנס־
שיפען. אין 1891 איז געווען דער גרויסער
גירוש מאָסקווא. אין די אייגענע יאָהרען האָט
מען גענומען נישטערן אויף טריט און שריט
די אידישע זכיות מכח לופט, ערד, ברויט און
בילדונג. די ניעדערגעשלאַגענקייט אין דער
אידישער סביבה איז געווען זעהר גרויס, און
ווען נישט דער איינציגער לעבעדיגער שיין אין
די סטודענטישע קאָלאָניעס, וואָלט מען געקענט
מיינען, אַז דער אידישער כלל איז ווידער פער־
גליווערט געוואָרען.

נישט אַלע פון די עלטערע האָבען דאַ־
מאָלסט געקענט זעהן און פערשטעהן וואָס עס
קומט פאָר אין די הערצער ביי דער יוגענד.
דער פּירוד הלבבות צווישען טאַטע און קינדער
האָט זיך שוין אפילו אָנגעהויבען, אָבער זי האָט
נאָך נישט אָנגענומען די פאָרמע פון די שפּע־
טערדיגע יאָהרען. נאָך מעהר. די עלטערע, די
גרויסע, די אָנגעפּראַקטיקירטע האָבען דאַ־
מאָלסט לייכט אַוועק געמאַכט די יוגענד, וואָס
איז קינדיש, נאַריש און פער'חלומ'ט, ווי עס
פּאַסט פאַר איטליכער יוגענד.

אין דער צייט אָבער ווען די גרויסע האָבען
מיט אַזאַ לייכטיגקייט אויסגעשפּעט די יוגענד,
האָט די בערלינער נאַציאָנאַל־סטודענטישע קאָ־
לאָניע געדרוקט (צוליעב'ן גירוש מאָסקווע) אַ
מעמאָראַנדום אין א וועלט־צייטונג (טיימס),
מיט דער ביטע צו די אייראָפּעאישע פעלקער
צו שאַפען די מעגליכקייט פאַר דער פערשטאַרק־
טער אידישער עמיגראַציע זי זאָל קענען געהן
קיין פּאַלעסטינאַ.

כמעט אין דער אייגענער צייט האָט דער
„בונד“ גענומען זיך אָרגאַניזירען און ארויס־
געבען זיין „אַרבייטער־שטימע“.

צוגלייך האָט זיך גענומען אויסבילדען אַ
אידיש־ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונג,
ווי א בעוועגונג, וואָס האָט געוואָלט פּעראייני־

גען די פֿאָדערונגען פֿון סאָציאַליזמוס מיט די פֿאָדערונגען פֿון אַ געררעכטען נאַציאָנאַליזמוס.

אין די סטודענטישע קאָלאָניעס איז דאַמאָלסט צוערשט דערוועקט געוואָרען די פֿראַגע וועגען פּאָפּולער־וויסענשאַפֿטליכע ליטעראַטור פֿאַר'ן פֿאָלק, וועגען „אידיש“ אַלס פֿאָלקשפּראַך, וועגען דער שאַפֿונג פֿון אַ ספּעציעל אידישער קינדער־ליטעראַטור, אפֿילו וועגען אַ נאַציאָנאַל־אידישען מוזעאום.

דער חבת־ציון, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרויסע סימפּאַטיעס ביי די סטודענדען, האָט פֿונדעסטוועגען נישט פֿערלוירען זיין איינפֿלוס, און האָט אָנגעהויבען אָננעהמען די מעהר צייטגעמעסע פֿאָרם פֿון שפּעטערען ציוניזמוס. אַפֿילו דאָס וואָרט „ציוניזמוס“ איז בעשאַפֿען געוואָרען נאָך פֿאַר'ן באַזעלער קאָנגרעס.

נאָך איידער עס איז בעקאַנט געוואָרען פֿאַר דער וועלט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, זיינען שוין אין די אידישע קאָלאָניעס געווען הייסע וכוחים מיט די פֿלעכאַנאָוו'צעס, זיינען שוין געמאַכט געוואָרען די ערשטע טריט אויף צו אָרגאַניזירען די צייטגעמעסערע, נייע „נאַראָדאָוואָלצעס“ אַלס אַ ס־ר־אָווסקע פּאַרטיי. און כאָטש נישט אַלע פּאַרטייען האָבען געטראָגען אויף זיך אַ אידישען כאַראַקטער, נאָר דאָס איז פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז זייער ענטוויקלונג האָט מען פֿיעל צו פֿערדאַנקען דעם אידישען סטודענט פֿון די 90־ער יאָהרען. וואָס האָט נישט נאָר גע'חקר'ענט זיך, נאָר אויך באַלד צוגעטראָטען צו דער אָרגאַניזאַציע פֿון זיינע חקרנות.

מען קען זאָגען אָהן אַ גוזמא, אַז כמעט אַלע געדאַנקען, אידעען, צוקונפֿט־פּלענער און פּראָיעקטען, וואָס האָבען אין די שפּעטערע יאָהרען בעשעפֿטיגט די אידישע עפֿענטליכע מיינונג, האָבען זיך פֿאָרמירט אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס פֿון די 90־ער יאָהרען.

דעם דור'ל פֿון דער דאָזיגער עפּאָכע איז בעשערט געוואָרען צו זיין דער לעהרער נישט נאָר פֿון זיין צייט, נאָר אויך אַ וועג־ווייזער אויף ווייטערע צעהנדליג יאָהרען.

די דאָזיגע עפּאָכע צייגט אונז אויך, אַז נאָר ד י איז די לעבענדיגסטע און די פֿרוכטבאַרסטע, וועלכע ווערט דאָך נישט דערשטיקט פֿון אַלע די אויטאָריטעטען און „אני מאמינ'ס“ פֿון אַ פֿריהערדיגער עפּאָכע.

ווער ווייס? אפֿשר זיינען די קומענדיגע צעהנדליגער יאָהרען פֿון אונזער יוגענד נישט געווען אַזוי רייך און פֿרוכטבאַר, ווייל זיי האָבען שוין געטראָגען אין זייערע הערצער און געדאַנקען די זוימען פֿון די ניינציגער יאָהרען.

אפֿשר איז אונזער שפּעטערדיגע צייט דערום נישט אַזוי ראָמאַנטיש־העלדיש, ווייל דאַמאַלס האָט די יוגענד ג ע נ אָ ס ע ן און היינט טהוט זי ב ל ו י ז פֿ ע ר ד י י ע ן.

איך חזר' איבער נאָך אַ מאָל: די בעשריעבענע עפּאָכע איז געווען איינע פֿון די גליקליכסטע עפּאָכען פֿון דער אידישער יוגענד. צוליעב איהרע באַרבאַרישע, גרעניצלאָזע פֿרייהייטס־געפֿיהלען איז דאָס לעבען געווען פֿאַר איהר אינטערעסאַנט און אַפּעטיטנע סיי ביים זינגען פֿון נעקראַסאָוו'ס ליעדער און „עוד לא אבדה“, סיי ביים אַריבער'גנב'ענען אַ פּעקיל ליטעראַטור, סיי אין קאַמפּף פֿון די הייסע וכוחים, סיי אין קאַמפּף מיט'ן גרענעץ זשאַנדאַרם.

ה. רויזענבלאַט

אַ נאַכט־שפּאַציער

עס ציהט דער וועג זיך ווייס און גלאַט,
דער שליטען גרינג, די פֿערדלעך זאַט — —
קלינג־קלאַנג,
און די נאַכט איז לאַנג,
קלינג־קלאַנג . . .

מיליאָנען שטערען אין דעם רוים,
און יעדער שטערען איז אַ טרוים — —
קלינג־קלאַנג,
און די נאַכט איז לאַנג,
קלינג־קלאַנג . . .

די וועלט איז פֿריי, דער הימעל גרויס:
טאָ, קלייב־זשע דיר אַ חלום אויס — —
קלינג־קלאַנג,
און די נאַכט איז לאַנג,
קלינג־קלאַנג . . .

דעם שעהנסטען שטערען פֿון דער נאַכט
האָסטו מיר אין דיין אויג געבראַכט — —
קלינג־קלאַנג,
און די נאַכט איז לאַנג,
קלינג־קלאַנג . . .

דער שעהנסטער חלום אויף דער וועלט
פֿאַר מיר אויף דיינע ליפּען קוועלט — —
קלינג־קלאַנג,
און די נאַכט איז לאַנג,
קלינג־קלאַנג . . .

לעאָן קאָברין

טהיר נומער 2

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)

.2

אין א וויילע אַרום איז פריידעל געווען אין איהר צימער הינטער דער טיר, אויף וועלכער עס איז אָנגעשריעבען געווען א גרויסער שוואַרצער צוויי. זי האָט אָנגעצונדען די גאַז און זיך גענומען אויסטאָן. אין דעם ענגען צימער אָהן פענסטער זיינען צוויי בעטען געשטאַנען. אויף איינעם, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי דער וואַנד, האָט געשלאָפען זי און זייער קוואַרטיראַנטקע ברכה, אַ עלטערע מיידעל מיט אַ ראַבען פנים און רויטע האָאַר. אויף'ן צווייטען, וואָס איז געשטאַנען באַלד נעבען דער טיר, האָבען געשלאָפען איהר אַכט יאָהריגער ברודער'ל לואי און די פיער יאָהריגע פלימעניצע אסתר'קע. אויף דער וואַנד, איבער איהר בעט, זיינען געהאַנגען קליידלאַך און אונטערקליידלאַך, ווייסע, שוואַרצע און קאָלירטע, וועלכע האָבען געהערט איהר און זייער קוואַרטיראַנטקע ברכה'ן. אויף דער פּאָדלאָגע האָבען זיך געוואַלגערט ברכה'ס וואָכעדיגע קליידעל און בלוזקע, איהרע שיך און לואיס שיכעלאַך און אסתר'קעס. אין'ם צימער איז נאָך געשטאַנען אַ קליין טישעלע, אויף וועלכען אַ אידישע צייטונג איז געלעגען, און אַ שטול נאָך איז דאָרט געשטאַנען, און פוןביידע בעטען האָט מען געקענט דערלאַנגען צום טישעלע און שטול, מען האָט נור גedarft...

פריידעל האָט א קוק געטהאָן אויף ברכה'ן. יענע איז געלעגען אויפ'ן רוקען, די דיקע, ווייסע אַרעמס פערלייגט הינטער'ן נאַקען, די רויטע האָאַר צושאָטען איבער'ן קישען, די רויטע ליפען פונאַנדערגעעפענט, און האָט געשמאַק געכראָפּעט. פון צייט צו צייט האָט זי דעם אטהעם טיעף אָפּגעצויגען און דערנאָך איהם ווידער אָפּגעלאָזט. דערביי האָט זי אַזוי קאָמיש מיט די ליפען געבלאָזען, דאָס קוקענדיג אויף איהר, האָט פריידעל זיך שיער ניט צולאַכט. די קינדער אויפ'ן צווייטען בעט האָבען רוהיג געשלאָפען, אסתר'קע מיט'ן נעזעלע אַריינגעדריקט אין לואי'ס רוקען, און לואי, דעם קאָפּ האַלב פעררוקט אונטער'ן קישען און איין הענטעל פונ'ם בעט אַרונטערגעהאַנגען. פון די אַנדערע צימערן האָט זיך געטראָגען דער אטהעם פון די שלאָפענדע. צייטענווייז האָבען זיך דערהערט שטילע פער־גנב'עטע טריט פון א נאָהענטען צימער. דאָס האָט פריידעל'ס ברודער בעני, דער שטודענט מעדיק, פערשפּאַרט אין זיין צימער, זיינע לעקציאָנען געמאַכט, ווייל קיין אַנדער צייט האָט ער דאַפיר ניט געהאַט, זייענדיג בייטאָג פערנומען אין קאַלעדזש און ביינאַכט, ביז צוועלף, ביי דער אַרבייט... אויבען האָט זיך ערגעץ א קינד צו־וויינט. א טיר האָט א קלאַפּ געטהאָן.

פריידעל האָט פערלאָשען די גאַז און פאַרזיכטיג, ניט אויפצו־וועקען ברכה'ן, אין בעט זיך געלעגט. זי האָט ניט געקענט איינשלאָפען. דאָס געזאַנג אין איהר האָט דעם שלאָף פון איהרע אויגען פערטריבען. אַלע געפיהלען האָבען אין איהר געהוליעט, בערוישט פון'ם לעבענס־כשוף.

זי האָט איצט געטראַכט נור וועגען איהם און איהר גליק.

— ער ליעבט מיך! ער ליעבט מיך! ער ליעבט מיך! — האָט זי געמורמעלט און געוואָלט אויסשרייען דאָס פון'ם טיעפען האַרצען אַרוים הויך אויף'ן קול.

א רגע האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז דאָס איז נאָך אַלץ אַ חלום, ווי נעכטען, ווי מיט אַ וואָך צוריק, ווי מיט אַ מאָנאַט צוריק, בעת זי האָט דערפיהלט, ווי שטאַרק זי ליעבט איהם, בעת זי האָט אַזוי געבענקט, איהם צו זעהן, זיין קול צו הערען, ווען יעדעס מאָל, אַז ער איז צו איהר אין צימער אַריינגעקומען, האָט זי געפיהלט, ווי דאָס האַרץ רייסט זיך אָב ביי איהר פאַר אויפרעגונג. באַלד אָבער איז די האַלבדונקעלע, זייטיגע אַלעע אין צענטראַל־פּאַרק פאַר איהר אַרויסגעשוואומען, די בוימער, דאָס שטיקעל בלויער הימעל מיט אַ פּאָאַר ליכטיגע שטערענדלאַך צווישען די שפּיצען בוימער, די גראָז און ער נעבען איהר אויף די גראָז. דאָן דער מאָדנער בליק פון זיינע אויגען: דער נאַכאַנאַנדיגער צינדען אַ סיגאַרעט נאָך אַ סיגאַ־

רעט. זיין פּלוצים'דיגער שווייגען. זיין אָפּהוסטען זיך. און איהר אייגענער געפיהל, וואָס האָט זי פּלוצים אַרומגעכאַפּט, פון מאָדנער אויפרעגונג און עפּעס צוטומעלטקייט, אַזוי, דאָס זי האָט מיט אַמאָל געמוזט אָפּקעהרען דעם קאָפּ פון איהם, אויסגעבויגט זיך, געריסען גרעזעלאַך און געוואָרפען זיי פון איין האַנד אויף דער אַנדערער. און דערנאָך פּלוצים די בעריהרונג פון זיין האַנד און איהר צאַפּעל . . . דער מאָדנער אויסדרוק אויף זיין פּנים און אין זיינע אויגען. דאַן זיין ציטערענדיגער קול : „פריידעל . . . איך טראַכט מיר . . . ווען איך וואָלט געווען אַ לאַססאַל . . . אַזאַ רעדנער מיין איך . . . כאָטש ניט אַזאַ וויסענשאַפטסמאַן, נור זיין צונג וואָלט איך פערמאָגט . . . אָי, פריידעל, מיינע אַלע געפיהלען, מיין גאַנצע האַרץ, וואָס־וועלכע ברענט און שטורעמט מיט אמת'ן פייער . . . איך זאָג דיר, פריידעל, איך זאָג דיר, אַז נור אַ לאַססאַל מיט זיין רעדנערקראַפט וואָלט דאָס געקענט אַרויסברייגנען אָט דעם פייער, אָט די ליעבע, וואָס־וועלכע עס ברענט אַזוי אין מיר צו דיר. פריידעל איך ליעב דיך !“ און באַלד דער נעבעל, וואָס האָט אַרומגעוויקעלט אי די ביימער, אי דעם שטיקעל הימעל מיט די שטערענדלאַך, אי די גראָז, אי איהם, אי זי און דורכ'ן נעבעל זיין קול, זיינע ליפּען, זיין פייערדיגער אטהעם, זיינע ברענענדיגע הענד און באַקען, — און זי האָט זיך ראַפּטאָם אַרוק געטהאָן צו ברכה'ן, צוגעדריקט זיך צו איהר, אויסגעפּליסטערט : „ניין, דאָס איז ניט קיין חלום !“ און זי אַ קוש געטהאָן.

— ם־ם־ם ! . . . — האָט זיך דערהערט ברכה'ס פערשלאָפענער קול אין דער ארומיגער פינסטערניש.

פּלוצים האָט פריידעל זי גענומען וועקען :

— ברכה ! ברכה ! ברכה'לע ! . . .

— ם־ם־ם ! . . .

— ברכה'לע, הער נור . . .

— הא ? וואָס איז ? — האָט זיך יענע אַ כאַפּ געטהאָן.

— דו שלאָפסט, ברכה'לע ? . . .

— דו, פריידעל ? . . .

— יא. איך וויל דיר עפּעס דערצעהלען, ברכה'לע — האָט פריידעל גערעדט מיט אַן אויפגערעגטען קול.

— וואָס ? . . .

— אָי, ברכה'לע, איך האָב אַזאַ שטיקעל נייעס פאַר דיר, אָי, ווען דו וועסט נור דערהערען ! . . .

און זי האָט ווידער ברכה'ן אַ קוש געטהאָן

— דו קושט זיך גאָר ? — האָט ברכה אַרויסגערעדט פערוואונדערט מיט אַ הייזעריגען פערשלאָפענעם קול — וואָס עפּעס מיט אַמאָל אַזאַ ליובזע ? . . .

* * *

זיי האָבען איינע די אַנדערע ניט ליעב געהאַט. ברכה האָט איהר ניט פערגונען, וואָס זי, פריידעל, איז אַזוי יונג און אַזוי שעהן און וואָס די יונגע לייט רייסען אַזוי אויף איהר די אויגען. זיי האָבען געאַרבייט אין איין שאַפּ ביי פרויענקליידער און זייט אַ יאָהר, זינט ברכה האָט אַריינגעצויגען צו פריידעלס עלטערען, האָבען זיי געשלאָפען אין איין בעט. ווען די יוניאָן האָט אַרויסגערופען דעם סטרייק, איז פריידעל געווען די אָנפיהרערין פון דעם סטרייק אין זייער שאַפּ. דאַן האָט מען אָפט גערעדט פון איהר, און יונגעלייט, מאַקס אויך צווישען זיי, האָבען זיך גענומען דרעהן אַרום איהר. דעמאָלט האָט ברכה אויך געוואָלט ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די יונגע לייט און האָט טיכטיג גענומען אַרבייטען אין'ם סטרייק. זי האָט אַ פּאָאָר מאָל געכאַפּט קלעפּ פון „סקעבס“ און איז זאָגאַר איינמאָל אַרעסטירט געוואָרען. אָבער קיינער פון די יונגע לייט האָט זיך מיט איהר ניט פעראינטערעסירט, קיינער האָט פון איהר ניט גערעדט, אַקוראַט ווי זי וואָלט נור געווען סתם אַ „האַנד“, וואָס סטרייקט... דאַן האָט זי גענומען פיהלען אַ פערביטערטקייט געגען די אַלע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך געמישט אין דעם סטרייק, געגען דעם סטרייק אין גאַנצען און נאָך מעהר געגען דער שעהנער פריידעל, וואָס, דאַכט זיך, אום נור איהר צוליעב האָבען אַלע יונגע לייט געסטרייקט . . . זי האָט גערעדט, אַז דער סטרייק איז פערלאָרען, אַז דאָס איז נור דער אויפטהו פון נאַרישע אינגלאַך און מיידלאַך, וועלכע ווילען, מען זאָל פון זיי ריידען. און שפּעטער, ווען מען האָט פריידעל אַרעסטירט און די צייטונג, וואָס זי, ברכה, האָט געלעזען, האָט אַריינגעשטעלט פריידעל'ס בילד, האָט ברכה פאַר כעס אויפגעהערט צו לעזען די דאָזיגע צייטונג, האָט זאָגאַר ניט געוואָלט וויסען, וואס פאַר אַ סוף עס האָט געהאַט די העלדין פון דעם ראָמאַן אין יענער צייטונג, די אונשולדיג־פערפיהרטע העלדין, איבער וועלכע זי, ברכה, האָט אַזוי פיעל טרערען פערגאָסען, און זי האָט גענומען לעזען אַנאַנדער צייטונג און אַנאַנדער ראָמאַן...

ווען מאַקס האָט שפּעטער אָנגעהויבען צו געהן צו פריידלען אַהיים, האָט זי, ברכה, תמיד געזוכט מיט איהם צו ריידען, האָט איהם אין די אויגען אַריינגעקוקט, פריהער פאַר פריידלען איהם געפרעגט, אויב ער וועט טהעע טרינקען, דערלאַנגט איהם שוועבעלאַך צו זיינע סיגאַרעטען, אַליין זיי אָנגעצונדען פאַר איהם. און איז זי געבליבען אויף אַ רגע מיט איהם אַליין אין'ם צימער, האָט זי תמיד געזאָגט עפּעס וועגען פריידלען, אַלע מאָל אין אַ נערוועזען טאָן. און

ניט קיין גוטעס . . . און האט מאקס עפעס גערעדט — און ריידען האט ער ליעב געהאט, און דוקא מיט אויסגעוועהלטע ווערטער פון די ארטיקלען, וואס ער האט געלעזען, און פון די לעקציעס, וואס ער האט געהערט — האט זי זיך צוגעהערט צו איהם מיט אלע אברים. אמת, זי האט איהם זעלטען ווען פערשטאנען, בעזאנדערס ווען ער האט גערעדט פון „וויסענשאפט", זיין שוואכקייט, אבער זי האט איהם שטענדיג צוגעבאמקעט מיט'ן קאפ. ער איז געווען א אנהענגער פון יענער צייטונג, וואס זי האט אויפגעהערט צו לעזען, האט זי איהם צוליעב ווידער יענע צייטונג אנגעהויבען צו לעזען און איהם ערקלערט, אז נור די צייטונג טאקי איז די ריכטיגע. זי איז עטליכע מאל אויך געגאנגען מיט איהם און פריידלען צו לעקציעס. אבער אלע מאל האט זי זיך צוריקגעקעהרט פון דארט מיט אזא שווערער בענקעניש אויף'ן הארצען, מיט אזוינע בעליידיגטע געפיהלען. דען, ארויסגעהענדיג פון'ם הויז, האט זי ערשט ריכטיג דערפיהלט, ווי גלייכגילטיג ער איז צו איהר און ווי ניט גלייכגילטיג ער איז צו פריידלען. אויף דער גאס האט ער נור געזוכט צו זיין נעהענטער צו יענער, גערעדט צו יענער, געקוקט יענער אין די אויגען אריין. אזוי אויך אין'ם לאקאל. זי, ברכה'ן, האט ער ווי גאר ניט בעמערקט . . . און דעם לעצטען מאל, ווען זי האט זיך צוריקגעקעהרט פון א לעקציע, צו וועלכער זי איז געגאנגען מיט איהם און פריידלען, האט זי זיך געפיהלט אזוי, ווי צו קלאפען זיך דעם קאפ אן דער וואנד. דערנאך האט ער אנגעהויבען ארויסצוגעהן מיט פריידלען אין גאנצען אהן איהר. דעמאלט, אז ער איז אמאל געזעסען אין'ם צימער און זי איז אויך געווען דערביי, האט זי גערעדט צו איהם פערביטערט, געלאכט פון איהם און פריידלען און אום אפטהאן עפעס איהם א צו־להכעיס, האט זי ווידער געווארפען לעזען יענע צייטונג, זיין צייטונג, און אנגעהויבען צו לעזען אנאנדערע. פריידלען האט זי אמת פיינד געקראגען און האט דאס איהר ארויסגעוויזען אויף שריט און טריט. דערפאר האט פריידעל זי אויך ניט ליעב געהאט און איהר אפט געזאגט, אז זי איז א שלאנג. מיט א פאאר וואכען צוריק האט ברכה שיער אין גאנצען פון זיי ניט ארויסגעצויגען נאך א קריעג מיט פריידלען. זיי זיינען געשטאנען נעבען דער גאס־טיר. עס איז געווען שוין שפעט נאך האלבער נאכט. אין די צימערען האט מורא'דיג געשטיקט. מען האט ניט געקענט שלאפען פאר היטץ און שטיקעניש. זיינען זיי ארויס אין דרויסען און זיך געשטעלט אויף די טרעפ נעבען דער גאס־טיר. די נאכט איז געווען א ליכטיגע. די לבנה האט געשיינט. פלוצים איז אנגעקומען דער יונגערמאן, וואס האט געוואהנט מיט זיין מוטער און שוועסטער אויף דעם זעלביגען שטאק, אין דער טיר נומער דריי. א יונגערמאן, א שעהנער יונג, א גרויסער פראנט, מיט אויגען, וואס האבען א פאאר מאל דורכגענומען ברכה'ן אזוי, דאס זי האט זיך א טרייסעל געטהאן. ברכה, וועלכע האט געהאט שוין פריהער מיט איהם א פאאר מאל גערעדט, האט, דערזעהענדיג איהם, צו איהם פאמיליאר א שמייכעל געטהאן. ער האט זיך זעהר העפליך פערנויגט פאר איהר, זיך אפגעשטעלט אויף די טרעפ נעבען זיי, ארויסגענומען א סיגאר, פעררויכערט און גענומען ריידען פון דעם הייסען וועטער. דערביי האט ער זיי דערצעהלט, אז ער קומט נור־וואס פון קוני־איילענד, וואו ער האט א געשעפט. זיי האבען זיך צורעדט מיט איהם. ער איז געווען אזוי העפליך, האט ארויסגענומען פון קעשענע א קעסטעלע קאנפעקטען (פון זיין געשעפט) און זיי מכבד געווען. ער האט זיי אויך דערצעהלט, אז ער איז אונפערהייראט, וואהנט מיט זיין מוטער און שוועסטער. ביי ברכה'ן האט א ציטער געטהאן דאס הארץ. „וואס פאר א פארשוין ער איז און וואס פאר א ריכטיגער זשענטעלמאן" — האט זי א טראכט געטהאן. און דערנאך האט ער עפעס גאר ווי פערגעסען אן איהר און אלץ גערעדט צו פריידלען און ווידער יענער מכבד געווען מיט קאנפעקטען און ווידער, און ווידער . . . און ווען ער האט זיך געזעגענט, איז ברכה געווען אין גאנצען אויפגערעגט געגען פריידלען און זי האט זי גענומען בעשולדיגען, אז זי מאכט אויגלאך צו יונגע לייט. פריידעל האט איהר געענטפערט, אז זי דארף ניט מאכען קיין אויגלאך צו יונגע לייט, אז זיי דערזעהען זי אזוי אויך. און עס איז ניט איהר שולד, וואס די יונגע לייט ווילען זי, ברכה'ן, ניט בעמערקען, ווען זי מאכט אפילו צו זיי אויגלאך . . . האט זיך ברכה דעמאלט נאך מעהר אנגעצונדען: ווער מאכט אויגלאך, זי? ! אזא חוצפה פון א מויד ! . . . זי בלייבט דא ניט מעהר וואוינען. מארגען זוכט זי זיך אויף אנאנדער קווארטיר . . .

זי האט זיך אבער מיישב געווען: זי וועט זיך בעקאנען מיט דעם יונגענמאן'ס שוועסטער. אויף דעם זעלביגען שטאק. וועט אריינגעהן צו איהר לייהען א נאדעל . . . און זי איז געבליבען וואוינען ווייטער.

אין עטליכע טעג שפעטער, א זונטאג, האט זי טאקע אנגעקלאפט אין די טיר נומער דריי. א יונגע פרוי מיט געפארבטע באקען האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ און ווען ברכה האט ביי איהר געפרעגט אויף א נאדעל, האט יענע א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ און פערקלאפט די טיר. ברכה האט זיך צוריקגעקעהרט אין איהר צימער מיט זעהר א שווערען הארצען. „עס איז שווער צו לעבען" — האט זי געטראכט.

איצט האט זי אין'ם הויז זעלטען ווען פריידלען געזעהן. יענע איז שטענדיג ארומ־

גענאַנגען מיט מאַקסען. אין שאַפּ האָבען זיי אויך זעלטען־ווען גערעדט.

דערפאַר האָט זי זיך איצט אַזוי פערוואונ־דערט, ווען פריידעל, פון איהרע געפּיהלען אי־בערפילט, האָט זי געכאַפּט קושען.

* * *

— אַי, ברכה'לע, איך בין אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך . . . דו ווייסט ? . . .

— וואָס ?

— מאַקס האָט זיך דאָך מיר ערקלערט . . . ער ליעבט מיך, ברכה'לע ! . . . איך בין אַזוי גליקליך ! . . .

פריידעל האָט דערפיהלט, ווי ברכה האָט זיך נעבען איהר אַ צאַפּעל געטהאָן און זיך אויף'ן בעט אויפגעזעצט.

זי האָט זיך אויך אויפגעזעצט.

— מיר זיינען געווען אין'ם פּאַרק און דאָרט האָט ער זיך ערקלערט . . .

ברכה האָט געשוויגען.

— דו הערסט, ברכה'לע ? . . .

יענע האָט אַלץ געשוויגען. אין דער אַרו־מיגער פינסטערניש האָט פריידעל נור עטוואָס פון ברכה'ס ווייסען העמד געזעהן.

— דו ביזט נאָך אַלץ ברוגז אויף מיר, ברכה ? נו, איך בעט דיך, זיי איצט אַ גוטינקע, איך האָב דיך ליעב, ברכה'לע ! . . .

זי האָט דערהערט ברכה'ס טיעפען זיפץ.

— דו זיפצסט, ברכה ? וואָס איז דער־מעהר ?

זי איז אַרונטער פון'ם בעט, האָט אָנגעצונ־דען ווידער די גאַז און אַ קוק געטהאָן אויף ברכה'ן.

יענע איז געזעסען מיט'ן רוקען אַריינ־געדריקט אין דער וואַנד, די דיקע, ווייסע פיס אַרויסגערוקט פון דעם ווייס־סען העמד, די רויטע האָאַר צושאָטען איבער די אַקסלען, האָט געהאַלטען ביידע אָרמס פערלייגט איינעם איבער'ן אַנדערען ביים אויס־געשניטענעם בוזים אַזוי, דאָס זיי האָבען די הויכע בריסט נאָך העכער געמאַכט און זיי כמעט אין גאַנצען פון'ם העמד אַרויסגעשטופּט, האָט געקוקט פאַר זיך, אין איין פּונקט, מיט איהרע גרויע, קעציישע אויגען און שוואַר געאָטהעמט. דערנאָך האָט זי אַזוי מאָדנע אַ שמייכעל געטהאָן, אַרויסגעמורמעלט ווי צו זיך אַליין : „שוין ? נו, מזל טוב !“— ניט אַ קוק געטהאָן אפילו אויף פריידלען און זיך צוריק אַוועקגעלעגט מיט'ן פּנים צו דער וואַנד.

פריידלען איז מיט אַ מאָל געוואָרען אונ־אַנגענעהם. ווי אַ קעלט, אַ בייסענדיגע, דורכ־נעהמענדיגע קעלט, האָט אַ ציה געטהאָן אויף איהר פון ברכה'ס רוקען. זי האָט אַ דריק גע־טהאָן די אַקסלען.

— וואָס פאַר אַ שלעכטס דו ביסט, ברכה ! — האָט זי צום סוף אַרויסגעמורמעלט.

יענע האָט אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צו איהר און אַרויסגערעדט צורייצט :

— אַ שלעכטס, האַ ? איך פערגין דיר ניט, האַ ? וואָס איז דאָ צו פערגינען ? אַ טהייערע מציאה! פּ־ש־פּשי אַ קאַטאָוועס, אַ קליינינקייט, מאַקס, אַ טהייערע מצאַצע ! . . . עס איז דאָ וואָס מקנא זיין ! . . . לאָז שלאָפען ! פערדרעה די געז ! איך בין ניט מחויב פון דיר צו ליידען !

— האָט זי פּלוצים גענומען שרייען מיט טרערען אין'ם קול — שלעפּט זיך אַרום אַ גאַנצע נאַכט מיט דער רוח ווייסט וועמען און קומט דערנאָך מיך וועקען ! וואָס וועקסטו מיך ? פערדרעה זיך אַליין דעם קאָפּ ! איך דאַרף מאָרגען אַר־בייטען ! אַי, וואָס מען שטעהט זיך פון איהר אויס ! וואָס מען שטעהט זיך פון איהר אויס ! . . .

— שאַ, שריי ניט ! וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטהאָן ? מען שלאָפט ! — האָט פריי־דעל אַרויסגעמורמעלט צוטומעלט.

— טאָ רייד ניט צו מיר ! וואָס וועקסטו מיך ? וואָס דערצעהלסטו מיר מעשיות ! ווער פרעגט ביי דיר ? ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך ניט אַזוי ליעב, פערשטאָכענע אויגען דיינע !— האָט ברכה גערעדט נאָך מעהר צורייצט, ווידער אומגעדרעהט דעם פּנים צו דער וואַנד און גע־נומען ציהען מיט דער נאָז, אַזוי ווי טרערען וואָלטען זי געשטיקט . . .

פריידעל האָט ווידער אַ דריק געטהאָן די אַקסלען, פערלאָשען די גאַז און זיך געלעגט אויף איהר אָרט.

מעהר האָבען זיי ניט גערעדט . . .

און שפּעטער, ווען דער שיין פון טאָג האָט זיך אַריינגעגנב'עט פון די אַנדערע צימערען אין דאָס צימער דורך די אָפענע טיר, איז ברכה פון'ם בעט אַרונטערגעקראָכען, האָט זיך אָנגעטהאָן, פון'ם הויז אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַרויסגע־גנב'עט און זיך געזעצט אין דרויסען אויף די טרעפּלאַך נעבען דער גאַס־טיר.

עס איז געווען נאָך גאַנץ פריה. די קראָמען זיינען נאָך געווען צוגעמאַכט. די הויכע טענע־מענט־הייזער האָבען אויסגעזעהן פערשלאָפען. דער הימעל איבער זיי רויט. אַ קיהל ווינטעלע האָט זיך איבער דער דאָזיגער שטיינערנער וועלט געטראָגען. זעלטען־ווען האָט זיך סתם אַ פער־ביי געהער געוויזען. נור מילך־וואָגענס זיינען נאָכאַנאַנד פערבייגעפאָהרען מיט געפּילדער און צייטונגס־פערקויפער זיינען פערבייגעלאָפען מיט פּעקלעך צייטונגען אונטער די פּאַכוועס, און בע־קער מיט וועגלאַך געבעקס. נעבען דער דערביי־איגער בעקעריי איז אַ וועגעל געשטאַנען. אַ בליי־כער מאַן איז פון'ם קעלער אַרויס מיט אַ קאָרב געבעקס און זיי אין'ם וועגעל אויסגעלעגט.

ברכה איז געזעסען צונויפגעקאָרטשעט אויף די שטיינערנע טרעפּ, טיעף פערטהאָן אין זיך, האָט געקוקט פאַר זיך מיט טרויעריגע אויגען און קיינעם און גאָר נישט ניט בעמערקט.

אלע האָבען גליק, נור זי ניט! — האָט זי געטראכט מיט טיעפער, טיעפער בענקעניש — זי איז שוין באַלד דרייסיג . . . וואָס וועט זיין דער סוף? וואו איז דאָס לעבען? ווען וועט זי אַמאָל שוין אויך לעבען? שאָפּ, שאָפּ, שאָפּ, היינט, מאָרגען, אַזוי אָהן אַ סוף, אָהן אַן ענד, און קיין ברעקעלע פערגעניגען, קיין ברעקעלע לעבען, ליעבע — גוואַלד! . . .

עמיצער האָט זי ביים אקסעל אָנגעריהרט. זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן. דער שעהנער יונגערמאַן איז פאַר איהר געשטאַנען, דער אייגענער, וואָס האָט געוואוינט אין טיר נומער דריי מיט זיין מוטער און שוועסטער; איז געשטאַנען, האָט געקוקט איהר אין פּנים אריין מיט זיינע פערכע און דורכדרינגענדיגע אויגען און געשמייכעלט, אַרויסווייזענדיג זיינע ווייסע, געזונדע צייהן.

זי איז צומישט און רויט געוואָרען.

— וואָס זיצט איהר עפּעס דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— כ'ווייס? עס שלאָפט זיך עפּעס ניט . . . און פון וואנען קומט איהר אַזוי פריה, צו שפּעט . . . איך ווייס אליין ניט, ווי איך זאָל דאָס זאָגען . . .

זי האָט זיך שטיל צולאַכט.

— איך קום פון אַ באַלל . . . פערבראַכט אַ ביסעל . . . געהט איהר אַמאָל צו בעלער?

— פאַרוואָס ניט? ווען עס זאָל זיין עפּעס אַ פיינער זשענטעלמאַן, וואָס זאָל מיך איינלאַדען — האָט זי געענטפערט מיט אַזאַ מינע, וואָס האָט, דוכט זיך, גערעדט: „אַט אדרבא נעהמט מיך מיט, וועל איך מיט אייך געהן!“

ער האָט זיך אָנגערופען:

— אז איך וועל אייך אַמאָל איינלאַדען?

— מיט פּלעזשור — האָט זי געענטפערט.

— אויב מיט פּלעזשור איז גוט. איך האָב ליעב פּלעזשור. דאָס איז די בעסטע זאַך אויף דער וועלט.

זי האָט זיך העכער צולאַכט:

—ווער האָט עפּעס פיינד פּלעזשור? סיידען אַ נאַר! אי, אַ ביסעלע פּלעזשור, אַ טהייערע זאַך! . . .

— איהר ווייסט עס? — האָט ער זי אַ פרעג געטהאָן און מאָדנע אַ קוק געטהאָן אויף איהר.

— וואָס? — האָט זי געפרעגט נאַאיוו.

— גאָר נישט — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן און ארויסגענומען פון קעשענע אַ קעסטעלע קאָנפעקטען — איהר ווילט?

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד.

—נעהמט עס אין גאַנצען. איך האָב עס געבראַכט פאַר מיין שוועסטער, נור מיר וועט זיין אָנגענעהמער, ווען איהר וועט עס עסען . . .

איהרע באַקען האָבען זיך אָנגעצונדען נאָך רויטער ווי דער הימעל איבער די טענעמענט־הייזער.

— דהענקס! . . .

אַ שניידענדיגער פייף האָט אין דער אין־דער־פריהעדיגער לופט אָפּגעהילכט, דער יונגערמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און געענטפערט אויף מיט אַזאַ פייפען.

— העי, בענ־ני! — האָט זיך דאַן דערהערט אַ קול פון ווייטען.

— האַללאָ, מייק! — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט הויך אויף'ן קול, צולעגענדיג די האַנד צו די ליפּען — ענטשולדיגט! — האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו ברכה'ן — מיין פריינד רופט מיך! . . .

און איז אַרונטערגעלאָפען פון די טרעפּ און איז פערשוואונדען.

ברכה איז נאָך אַ ווײלע געזעסען מיט דעם קעסטעלע קאָנפעקטען אין דער האַנד. דאַן איז איהר מיט אַ מאָל אַזוי לייכט געוואָרען אויף'ן הארצען, אַ האָפנונג האָט דאָרט ארויסגעשפּראָצט און גענומען בליהען. זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוריק אריין אין הויז.

אריינקומענדיג אין איהר צימער, האָט זיך אַ רגע איהר געוואָלט אויפוועקען פריידלען און איהר זאָגען: „ווילסטו, פריידעל, אַ קענדי? דער שעהנער זשענטעלמען האָט דאָס מיר געבראַכט, און צו אַ באַלל האָט ער מיך אויך איינגעלאַדען . . .“ זי האָט זיך אָבער מיישב געווען: עס האָט נאָך צייט. ווען גאָט וועט וועלען, וועט זי זיך נאָך אויסלאַכען פון פריידעל'ס קאָפּ. און זי האָט זיך געלעגט אין בעט, ניט אויסטהאָנדיג זיך, ווייל אין אַ צוויי שעה ארום וועט זי דאַרפען אויפשטעהן צו דער ארבייט.

און באַלד איז זי אנשלאָפען געוואָרען מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען.

3.

ווען פריידעל האָט געעפענט די אויגען, איז נעבען איהר געשטאַנען איהר מאַמע, אַ בלייכע, דארע פרוי מיט אַ ווייס טיכעל אויף'ן קאָפּ.

— שטעה אויף, טאָכטערל, דער טאַטע און אלע זיינען שוין אַוועק אין שאָפּ . . .

פריידעל האָט זי אָנגעקוקט מיט יענעם צוטומעלטען אויסדרוק אין די אויגען, מיט וועלכען מענשען קוקען באַלד ווי זיי האָבען זיך פון אַ חלום אויפגעכאַפּט.

די מאַמע האָט געקוקט אויף איהר מיט אויגען, פול צער:

— אי, פריידעל, פריידעל — האָט זי גערעדט מיט וועהטאַג — דו האָסט גאָר ניט קיין רחמנות אויף זיך אליין. שלעפסט זיך ארום גאַנצע נעכט, שלאָפסט זיך ניט אויס און דערנאָך ארבייטסטו אַ גאַנצען טאָג אין'ם שאָפּ . . . וועה איז מיר, דו וועסט נאָך אַמאָל חלילה, אַזוי פאַלען ביי דער מאַשין! . . .

דאַן האָט פריידעל מיט אַמאָל גענומען

שמייכלען און איהר גאַנצער פּנים איז בעגאָסען געוואָרען מיט ליכטיגער פרייד.

זי האָט אַ כאַפּ געטהאָן איהר מאַמע'ס האַנד, אַליין זיך אויפגעזעצט אויף'ן בעט, צוגעצויגען זי צו זיך און זי גענומען קושען, קושען.

דערביי האָט זי גערעדט :

— ווען דו וואָלסט וויסען, מאַמע, וואָס פאר אַ בשורה איך האָב פאר דיר ! . . . מאַמע ! מאַמע ! . . .

די מאַמע האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט :

— פאר מיר אַ בשורה ?

— איך האָב דאָך אַ חתן, מאַמע ! מאַקס ווערט דאָך מיין חתן ! . . .

די מאַמע האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן :

— האַ ? . . .

און אויסגעשטעלט אויף איהר נאָך גרעסערע אויגען.

— יא, יא, מאַמע, נעכטען איז דאָס געוואָרען. ער האָט מיך אַזוי ליעב, מאַמע ! און איך איהם, איך איהם ! . . .

זי איז אַרונטערגעשפּרונגען פון'ם בעט, די גאָלדענע האָאָר צושאָטען איבער די ווייסע, צאַרטע אקסלען, די בלויע אויגען שפּריצענדיג פרייד, האָט אַרומגעכאַפּט איהר מאַמע'ן און זיך צוגעדריקט צו איהר ווי אַ קליין קינד.

דער מאַמע'ס בלייכער פּנים האָט זיך צופלאַמט, אַזוי ווי זי וואָלט פאר אַ ברענענדיגען אייווען געשטאַנען, און איהרע ליפּען האָבען אַ ציטער געטהאָן.

דערנאָך האָט זי שטיל־שטיל אַרויסגערעדט :

—טאַקי ?

— יאָ, יאָ, מאַמע ! . . .

— טאַקי ? מאַקס ? . . .

— מאַקס, מאַמע ! מאַקס ! . . . ביזטו צופריעדען, מאַמע ?

די מאַמע האָט אַרויסגעלאָזט אַ טאָן, וואָס איז געווען האַלב לאַך און האַלב כליפּ, גענומען גלעטען איהר טאָכטער איבער'ן קאָפּ און מיט אַמאָל האָט זי ראַפּטאם זי געכאַפּט קושען, געכליפּעט דערביי און גערעדט :

— נו, אַ דאנק גאָט, אַ דאנק גאָט, א דאנק גאָט ! מיט גליק, רבונו של עולם, מיט גליק ! איך וועל געהן אָנזאָגען בעני'ן ! . . .

און זי איז אַרויסגעלאָפען מיט אַ געפּילדער.

די קינדער אויף'ן אנדער'ן בעט האָבען זיך אויפגעכאַפּט. לואי האָט דערזעהן זיין שוועסטער, האָט ער די ערשטע זאַך געבעטען ביי איהר אַ סענט, ווי ער פלעגט עס טהאָן יעדען טאָג. אסתר'קע האָט זיך אויפגעזעצט אויף'ן בעט, אַריבערגעבויגט זיך איבער לואי'ן און אויסגעשטעלט איהר הענטעלע צו פריידלען :

— ענד מי, פּייעדי, ענד מי ! . . .

— אלל רייט, איך וועל אייך היינט געבען אַ גאַנצען ניקעל ! — האָט פריידעל געזאָגט.

און דערהערט עס, האָט דער שטיפער לואי פאר שמחה זיך אזש איבערגעקוליעט אין'ם בעט און אסתר'קע האָט זיך צולאכט מיט איהר קינדערש געלעכטערל, געוואלט נאָכטהאָן לואי'ן, איינגעבויגען דאָס קעפּעלע, געוואָלט זיך איבערדרעהן, ניט געקענט, האָט זי זיך אַזוי גענומען קייקלען איבער'ן בעט, דריגעווענדיג מיט די נאַקעטע, צאַרטע פיסעלאַך, און פערהילכט דעם צימער מיט איהר געלעכטערל . . .

פריידעל, וועלכע האָט שוין געהאַט איהר קלייד אָנגעטהאָן, איז צום בעט צוגעלאָפען, האָט אַ כאַפּ געטהאָן אסתר'קען אויף די ארמס און האָט זי גענומען האטשקען אין דער הויך. אסתר־קע האָט נאָך העכער געלאַכט. דאן האָט פריידעל געזאָגט, נאָכמאַכענדיג אסתר'קעס קול :

— פּייעדיע האָט שוין אַ חתן, עסתעקע. מאקסעיען . . .

און דערנאָך זיך געווענדעט צו לואי'ן :

— דו ווייסט, לואי ? מאַקס איז דאָך מיין חתן . . .

דער אַכט יאָהריגער לואי, וועלכער האָט אין גאַנצען ניט געקענט אָפּשעצען די בעדייטונג פון דעם, האָט דאָך אָבער געוואוסט, אַז אַ חתן איז זעהר אַ טהייערע זאַך, ווייל אָפט האָבען טאַטע־מאַמע גערעדט וועגען אַ חתן פאר פריידלען, און ער האָט אויסגעשריען :

— הוררריי ! ! !

— הויעי ! . . . — האָט אסתר'קע איהם נאָכגעשריען.

— הוררריי ! — האָט פריידעל אויף אַ קוויטש געטהאָן, אַ כאַפּ געטהאָן זיך, אָנגערופען זיך „משוגענע“ און זיך צולאכט.

דאן נאָך האָט זיך לואי געכאַפּט, אַז איצט וועט ער קענען בעטען ביי מאַקס'ן אַ גאַנצען ניקעל (ביז היינט האָט ער ביי איהם נור פּעניס געבעטען), איז ער גאָר געוואָרען מלא שמחה, אַרונטערגעשפּרונגען פון'ם בעט, האָט אין איין העמד גענומען טאַנצען און שפּרינגען און נאָך העכער געשריען :

— הורריי ! . . . הורריי ! !

הינטער דער טיר נומער צוויי האָט דאָס געזאַנג פון דעם גליק און דער שמחה איצט געהילכט . . .

פאַרנאַכט איז די שמחה נאָך געווען גרעסער. זיי אַלע זיינען געזעסען ביים טיש און האָבען געגעבען: נחום, זיין פרוי מירקע, פריידעל, איהר פערהייראַטע שוועסטער לאה'קע מיט איהר מאַן דזשעק, לואי, אסתר'קע און ברכה. דאָס עופה'לע פון'ם שטוב, עננעלע, אסתר'קעס שוועסטערל, אַן איין־יאָהריגע בייבי מיט געקרויזטע בלאָנדע הערעלאַך און בלויע אויגעלאַך, איז געזעסען אויף אַ קינדערשען, הויכען שטול, צוויי־

שען דעם זיידען און באָבע'ן, האָט געהאַלטען אין'ם פויסטעלע אַ שטיקעל ברויט, וואָס נחום האָט פריהער איינגעטונקט אין זיין טעלער סופּ, געשטופּט עס אין'ם מויל און איז אָפּט מיט דעם פערקראָכען אויף'ן נעזעל און אויף אַ בעקעל און איבערגעלאָזט דאָרט פייכטע ברעקלאַך פון'ם ברויט. נחום האָט, עסענדיג, נאָכאַנאַנד זיך געוויצעלט. יעדע ווײלע האָט ער אימיצען אָנגעקוקט מיט לאַכעדיגע אויגען און עפּעס געזאָגט מיט הרחבה אין'ם קול. „ווי רעכענסטו, פריידעל. וועט דיין מאַקס צופּריעדען זיין מיט אַ צעהן טויזענד נדן ? זאָג איהם, אַז מעהר קען ער פון מיר ניט קריגען קיין איין פּעני !“

און אין אַ ווײלע ארום, אַ קעהר געטהאָן זיך צום עופּה'לע מיט ליעבע אין'ם קול :

— און דו, קעצעלע, ווי פיעל ווילסטו נדן פאַר דיין חתן ?

— סעי, שווער, בעליידיגט זי ניט — האָט זיך אַריינגעמישט עננעלע'ס טאַטע דזשעק, אַ מאַגערער יונגערמאַן מיט פערקאַשערטע ארבעל און האריגע ארמס — זי איז אַ סאָפרעזשעטקע.

און לאה'קע, די מאַמע, בלאַנד און העל ווי איהר שוועסטער פריידעל, האָט געזאָגט :

— דער חתן וועט איהר געבען נדן, אַ צוואַנציג טויזענד.

— ווייס איך, וואָס איהר רעדט — האָט פריידעל זיך אויף אָנגערופען, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערענסט — ביז יענער צייט וועט שוין לאַנג זיין די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן און קיין געלד וועט שוין מעהר אויף דער וועלט ניט עקזיסטירען.

— די כלה איז גערעכט — האָט נחום זיך צולאַכט — זי האַלט מיט איהר חתן . . .

—און דו האַלסט דען ניט מיט איהם, טאַטע ?

— ער האַלט מיט מיר, טאָכטער ! . . .

איין ברכה האָט געשוויגען. זי האָט געגעסען און געטראַכט וועגען דעם שעהנעם יונגען מאַן, וואָס האָט געוואוינט מיט זיין מוטער און שוועסטער אין דער שכנה'שער טיר.

נאָך'ן עסען איז זי גלייך אַוועק מיט אַ צייטונג אין איהר צימער. פריידעל און לאה'קע האָבען גענומען אויפראַמען פון'ם טיש. דזשעק האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער זאָפע מיט אַ סיגארעט אין'ם מויל. מירקע האָט גענומען עננעלע'ן אויף די הענד, נחום אסתר'קען און ביידע האָבען זיך גענומען שפּיעלען מיט די אייניקלאַך. לואי איז ארויסגעלאָפען אין סטריט צו זיינע חברים.

— גיב מיר אַהער עננעלע'ן אויך — האָט נחום זיך אָנגערופען — איך וויל זיך צוגעוועהנען צו האַלטען עטליכע אייניקלאַך מיט אַמאָל...

מירקע האָט איהם געענטפערט מיט יענעם בעזונדערען שמייכעל, וואָס מען בעמערקט ביי דער פשוט'ער פרוי, ווען מען זאָגט אַ געפּעפּערטען וויץ :

— שוין ? האָסט קיין צייט ניט ? ביים זיך אָב די צונג, דו אַלטער נאַר ! . . .

דערנאָך, ווען דער טיש איז געווען אויפגעראַמט, און לאה'קע האָט זיך געזעצט נעבען איהר מאַן אויף דער זאָפע, און פריידעל האָט זיך געשטעלט פלעכטען איהרע גאָלדענע האָאר, וואַרטענדיג אויף מאַקס'ען, האָבען זיי אַלע זיך צורעדט וועגען לעצטען. זיי אַלע האָבען פיעל געהאַלטען פון איהם. אַן אָרענטליכער באָי. אַ גוטער פערדיענער. ניט קיין פּראָסטאַק, חלילה. ווערט שטאַרק רעספּעקטירט אין זיין שניידער־יוניאָן. האַלט אַמאָל אַ שעהנע רעדע. איז אָנגעלעזען. שטייטיט, אָנגעלעזען, רעדט אַמאָל אַזוי, דאָס נאָר אמת געבילדעטע קענען איהם פערשטעהן . . .

— אַ מאָדנע זאַך — האָט זיך דזשעק אָנגערופען — ווי ער האָט זיך דאָ „אויסגעבילדעוועט“ . . . איך געדענק איהם דאָך נאָך, ווען ער איז אָנגעקומען אַ גרינער. געווען אַ פּשוט'ער, היימישער שניידער. איך גלויב ניט, אויב ער האָט זיין נאָמען געקאָנט אונטערשרייבען. דאָ אָבער האָט ער זיך אַ נעהם געטהאָן צו לעזען די צייטונגען, די אידישע סאָציאַליסטישע ביכלאַך, אָנגעהויבען צו געהן אויף די לעקטשורס און היינט איז ער פיין „אויסגעבילדעוועט“ און רעדט אַמאָל אין דער יוניאָן ווי אַן אמת'ער לעקטשורער.

— דאָס איז אַמעריקאַ ! — האָט נחום אונטערגעכאַפּט — געבענשט זאָל זיין אַזאַ לאַנד. מענשען מיט ניט קיין פערשטאָפּטע מוחות קענען דאָ ווערען לייט ! . . .

— היינט זיין אַרבייטען אין דער צייט פון אַ סטרייק — האָט דזשעק גערעדט ווייטער — ווי אַזוי ער פּיקעוועט נעבען די שעפּער. זיין שלאָגען די „סקעבס“. איך ווינש קיינעם ניט צו פערזוכען זיינעם אַ פּלעם . . .

— קיין עין הרע ניט ! — האָט מירקע אונטערגעכאַפּט.

— אַ טייערער באָי ! — האָט נחום אויסגעשריען און גענומען האַטשקען אסתר'קען אין דער הויך.

— איך זאָל דאָס מיר דענקען ! — האָט לאה'קע געזאָגט.

פריידעל האָט זיך צוגעהערט, געפלאָכטען איהרע האָאר און איהר האַרץ האָט געטאַנצט פאַר גליק. דאַן האָט זי זיך אָנגערופען :

— פאַרוואָס איז ער נאָך נישטאָ ?

— הערט אויס — האָט נחום פּלוצים געזאָגט — איך וויל האָבען אביסעל שפּאַס מיט איהם, ווען ער וועט קומען. — איהר מישט זיך נור ניט ! . . .

און גלייך טאַקע האָט מען אָנגעקלאַפּט אין די טהיר.

— שאַ! — האָט נחום אַרויסגעשעפּצעט— איהר זאָלט שווייגען! קאַם אין!

מאַקס איז אַריינגעקומען, פריש פון'ם באַרבער, און זיין רויטער פּנים האָט געגלאַנצט, פונקט ווי זיינע נור־וואָס אָפּגעפּוצטע שיך.

— גוד איווינינג...

— דו הולטאַי דו! — האָט זיך נחום אויף איהם אַרויפגעוואָרפען — סמייע ניט צוגעהן אַהער! דו וועסט מיר איינריידען מיין טאָכטער, אַז דו ליעבסט זי!

מאַקס איז געבליבען שטעהן מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף איהם. פריידעל איז צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צום טיש און געשטיקט איהר געלעכטער. לאה'קע איז אַרויסגעלאָפען אין א צווייטען צימער. מירקע האָט צוגעדריקט איהר פּנים צו עננעלען אויף איהרע אָרמס, געלאַכט און געמורמעלט: „דער מטורף!" און דזשעק, ליגענדיג אויף דער זאָפע, האָט אונטערגעהאַלטען זיין שווער:

— מען דאַרף איהם צוברעכען רוק און לענד, אַזאַ חברה־מאַן!...

מאַקס האָט געקוקט צומישט פון דזשעק'ן אויף נחום'ן און פון נחום'ן אויף פריידלען ביים טיש. דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אָנגעשטויסען, איז מיט א ברייטען שמייכעל צוגעגאַנגען צו נחום'ן, דעם גראָבען פינגער אויסגעשטעלט געגען יענעמ'ס בויך און איהם אַ קיצעל געטהאָן:

— קיין! קיין!...

נחום האָט זיך צולאַכט און נאָך איהם מירקע און פריידעל, און דזשעק. און לאה'קע איז צוריק אַריינגעלאָפען מיט די הענד דריקענדיג די ברוסט און לאַכענדיג אויפ'ן קול. אפילו אסתר'קע האָט געלאַכט און עננעלע האָט אויך איהר פרייד אַרויסגעוויזען, צוטאַנצענדיג זיך ביי איהר באָבע'ן אויף די הענד מיט א פרייליכער קוויטשעריי. דערנאָך האָט נחום אַרונטערגעלאָזט אסתר'קען אויף דער ערד, געגעבען מאַקס'ען די האַנד, אַרומגענומען איהם און זיך מיט איהם צוקושט.

— זאָל זיין מיט מזל, מיט גליק, מיין זוהן!

— אמן! — האָט מירקע אונטערגעכאַפּט מיט'ן גאַנצען האַרצען און אָפּגעווישט אַ טרער.

(שלום קומט)

ב. וולאַדעק

די נאַטור-וואונדער פון אַמעריקאַ

(יעלאָוסטאָון פּאַרק)

צו געצעהלטע מענשען — אינדיאַנער, יעגער און אַוואַנטוריסטען — איז יעלאָוסטאָון פּאַרק געווען בעקאַנט נאָך מיט העכער אַלס הונדערט יאָהר צוריק. די אינדיאַנער האָבען דעם פּלאַץ בעטראַכט אַלס דעם גיהנום, און די ווייסע זיינען פּשוט געווען ערשטוינט און דערשראָקען. טאָמער פלעגען זיי אַמאָל דערצעהלען פון דעם פאַנטאַסטישען וואונדערלאַנד — פון די זודיגע קרעניצעס, מאַיעסטעטישע „געיזערס" און אַנדערע וואונדער — האָט זיי קיינער ניט געגלויבט.

ערשט מיט א פיערציג יאָהר צוריק האָבען איינציגע סוחרים און אוואַנטוריסטען פון דעם סטייט מאָנטאַנאַ בעשלאָסען די געגענד אויסצופאָרשען, און די ערשטע אָרגאַניזירטע עקספּעדיציע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון גענעראַל וואשבורן, האָט זיך געלאָזען איבער די געדרעהטע און געפעהרליכע באַרג־וועגען פון די „פעלזען־בערג" אין געהיימניספולען יעלאָוסטאָון.

דער בעריכט פון אָט דער ערשטער עקספּעדיציע האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד. די אַמעריקאַנער רעגיערונג האָט דאַן אוועקגעשיקט א צווייטע וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציע מיט דעם געלערנטען דר. היידען אן דער שפּיצע און אין 1872 האָט דער קאָנגרעס ערקלערט דעם יעללאָוסטאָון פּאַרק אַלס נאַציאָנאַלעס אייגענטום „פאַר דאָס פערגניגען און גענוס פון פאָלק".

יעללאָוסטאָון פּאַרק איז א הויכע בערגיגע געגענד אין האַרץ פון די פעלזען־בערג (ראַקי מאָונטעינס) און געפינט זיך כמעט אויסשליסליך אין דעם נאָרד־וועסטליכען טייל פון דעם שטאַאט וויאָמינג, אַרומגערינגעלט פון דריי זייטען מיט מאַיעסטעטישע שנעע־בעדעקטע בערג. דער פּאַרק זעלבסט איז ביי א פופציג מייל די ברייט און א זיעבציג מייל די לענג. אָבער אַרום איהם געפינען זיך געדיכטע בערגיגע וועלדער, וועלכע פּאַסען אַיין אין אַ ראַם פון טונקעל־ברוין דעם דימענט, דעם פּאַרק.

אַט די געגענד אַרום און אַרום איז אויך נאַציאָנאַלעס אייגענטום און ווערט געהיט פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען.

דער אריינפאָהר אין פּאַרק איז ווי אַן אוווערטיור פאַר אַ גלענצענדע אָפּערא. פון דעם סטאַנציאָן סינאַבאַר זעצט איהר זיך אריין אין דעם בעקוועמען און שטאַרקען „סטיידזש־קאָוטש“, געפיהרט פון פיער און אַמאָל זעקס געזונדע וועסטערן פערדלאַך, און דער וועג פיהרט אייך דורך דער גאַרדינער קעניאָן — אַ פּרעכטיג־געמאָהלטע פּאַנאָראַמע פון הויכע דונקעלע פעלזען, בעדעקט מיט וואַלד, און אַ שטורעמדיג טיעף טייכעל, וואָס בורטשעט אין דער טיעפעניש.

נאָך עטליכע מייל פאָהרען קומט איהר צום ערשטען וואונדער פון יעללאָוסטאָון — „דהי מאממאטה האָט ספרינגס“ — די הייסע וואַסער־קוואַלען.

איהר געהט אונטער צו די „טעראַסען“ און איהר שפּרינגט צוריק אין ערשטוינונג. אַ פאַנטאַסטישע בילד! איינע איבער די אַנדערע הויבען זיך אונצעהליגע טעראַסען, געקאָלירט אין אַלע פאַרבען פון רעגענבויגען, געבויט אין אַלע מעגליכע סטיילס, און איבער זיי גיסט זיך איבער פון די הייסע קוואַלען דאָס הייסע, אַמאָל זודיגע וואַסער. דורך די דינע קלאָרע וואַסער־שטראָמען זעהט איהר די ווענד פון די טעראַסען, וואָס יעדער אינטש פון זיי איז אַ קונסט־ווערק פאַר זיך. איין טעראַסע זעהט אויס ווי אַ ריעזיגער אָרגעל, וואָס געטער האָבען געבויט פאַר זייער געטליכער מוזיק, די צווייטע איז ווי דער דאַך פון אַן אונטערערדישען טעמפּעל, די דריטע, ווי דער באַלקאָן פון אַ קעניגליכען פּאַלאַץ. זיי הויבען זיך העכער און העכער ביז די טונקעלע שלאַנקע סאָסנעס נעהמען אריין זייער פּראַכט צו זיך און דאָס וואַסער, וואָס פליסט איבער זייערע ברעגען, זעהט אויס, ווי זייער נשמה, זייער בעלעבענדער גייסט.

איהר קענט זיך אויפהויבען און אריינקוקקען אין אַ הייסער קרעניצע. איהר פיהלט דאַן, ווי איינער וואָס קוקט אריין אין דעם סוד פון מעשה בראשית. קיפּלינג בעשרייבט זיין איינדרוק פון אַ הייסען קוואַל אין די פאָלגענדע ווערטער:

„עס איז געווען געמאַכט פון בלאַנקען זילבער, און עס איז געווען אָנגעפילט מיט אַ וואַסער אַזוי ריין ווי דער הימעל. איך ווייס ניט ווי טיעף אַט דער וואונדער איז. דאָס אויג האָט אריינגעקוקט אַהינטער הוילען און גראָטען פון דימענטען אין אַן אָבגרונד, וואָס האָט זיך פערקעהרט דירעקט מיט די מעכטיגע פייערן פון דער ערד“.

פון וואַנען נעהמען זיך דאָ די הייסע קוואַלען, וואָס צעהלען זיך אין פּאַרק ביז פיער טויזענד, און וואָס פליסען און זשורטשען אויף בערג און טהאָל, אין וואַלד און פעלד, אין אָבגרונד און אויפ'ן בערג־שפּיץ? פון וואַנען נעהמען זיך די טעראַסען מיט זייערע לעבעדיגע קאָלירען פון רויט, געל, פּורפּור, שוועבעל און ברוין?

די גאַנצע געגענד פון דעם יעללאָוסטאָון פּאַרק איז מיט פיעלע צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען צוריק געווען דער קאָלך־אויווען פון דער ערד. אַרום און אַרום האָבען גע'שרפה'ט, געציטערט און געשאָטען מיט לאַוואַ און שוועבעל אונצעהליגע וואולקאַנען. כמעט אַלע בערג אַרום דעם פּאַרק זיינען אָדער אַליין געוועזען וואולקאַנען אָדער זיינען אויפגעבויט פון אַ וואולקאַנ'ס זודיגער לאַוואַ. דער גאַנצער באָדען פון יעללאָוסטאָון איז דורכאויס פון פערהאַרטעוועטער לאַוואַ, און וואָס פאַר אַ שרעקליכע וואולקאַנען דאָס זיינען אַמאָל געווען קענט איהר זעהן דערפון, דאָס אין אייניגע פּלעצער איז די לאַוואַ צוויי טויזענד פוס דיק!

נאָך דער פּעריאָדע פון די וואולקאַנען איז אָנגעקומען דער אייז־פּעריאָד. דאָרט, וואו אין דעם געאָלאָגישען נעכטען האָבען געשטורעמט די העלישסטע פייערן און שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפען, איז איצט געלעגען אַ טויטע, שווערע, דיקע מאַסע פון אייז, — ריעזיגע „גלעטשערס“, — וואָס האָבען מיט זייער קאַלטער, טויטער ברוסט געקיהלט דעם צאָרן פון דער ערד. איהר קענט אין פּאַרק נאָך איצטער געפינען עדות פון יענער צייט. אין איין פּלאַץ זעהט איהר אַ גרויסען דונקעלען שטיק פעלז, פון אַרום 7 טויזענד קובישע פוס, ליגען צווישען בוימער, ווי אַ ריעזיגע חיה הינטער שטאָהלענע גראַטען. דער פעלז האָט געהערט צו די בערג, וואָס זיינען פיעלע מיילען ווייט פון דאַנען. די מאַסע אייז האָט איהם פערשלעפּט מיט זיך, ווען זי האָט זיך פון די בערג אַרונטערגערוקט אַהער.

די ריעזיגע גלעטשערס האָבען אָבער נור אָבגעקיהלט די אויבערפלעכע. די וואולקאַנישע טהעטיגקייט לעבט נאָך טיעף אין דער ערד ביז היינטיגען טאָג, און דער גאַנצער יעללאָוסטאָון פּאַרק איז נור אַ ריעזיגער דעקעל פון אַ ריעזיגען קעסעל, וואָס האַלט נאָך אין בורשעווען מיט זיינע ווילדע קרעפטען.

אַט די וואולקאַנישע טהעטיגקייט איז עס די אורזאַכע פון די הייסע קרעניצעס. דאָס וואַסער פון רעגען, שנעע און אונטערערדישע טייכען שטויסט זיך אָן אויף צוגליהטע פעלזען, הויבט אָן צו זידען און שפּאַרט אַרויס צוריק, וואו נור עס געפינט אַ טהירעל. אָבער הויבענדיג זיך פון די טיעפענישען פון דער ערד דורך פעלזען און לייהמען, נעהמט דאָס וואַסער אין זיך אריין פערשיעדענע מינעראַלישע שטאָפען. ווען דאָס וואַסער שפּאַרט אַרויס, קיהלט זיך

דער טיעפסטער וואַסער־פאַל אין יעללאָוסטאָן טהאָל

עס אָב און די מינעראַלישע שטאָפּען ווערען אָבגעזעצט און בעשאַפען די וואונ־דערליכע טעראַסען.

די גאַנצע פּראַכט פון „די האָט־ספּרינגס“, אַלזאָ, ווערט בעשאַפען פון דעם וואַסער זעלבסט. אַזוי ווי אַלץ אין דער נאַטור, איז די טעראַסע — דעם וואַסער׳ס קינד — אַמאָל אויף דעם וואַסער׳ס קבר. דער ברונעם ארום ווער־ט צו הויך און דאָס וואַסער קען איהם מעהר ניט איבערפליסען. אָהן דער ווירקונג פון איהר שאַפער פערלירט די טעראַסע ביסלעכווייז איהרע קאָלירען און ווערט פערוואַנדעלט אין שנעע־ווייסען שטויב. אַזעלכע טויטע טעראַסען גע־פינט איהר פיעל ארום די לעבעדיגע קוואַלען

„יופּיטער“ און „מינערווא“ טעראסען

און זיי מאַכען דעם איינדרוק פון א בית־עלמין...

די פאַנטאַסטישע טעראַסען זיינען אָבער ניט דאָס גרעסטע וואונדער פונ׳ם פּאַרק. דאָס איז נור א געניאַל־געצייכענטעס פּאָדערבלעטעל צו א געניאַל־געשריעבענעם בוך.

דעם נעכסטען פריהמאָרגען זעצט איהר זיך ווידער אריין אין „סטיידזש־קאוטש“ און איהר הויבט אָן אייער אייגענטליכע רייזע דורכ׳ן פּאַרק. דער וועג פון די הייסע קוואַלען פיהרט דורך דעם „גאָלדענעם טויער“ — „דהי גאָלדען גייט“ — ריעזיגע ברוינליך־געלע פעלזען, וואָס

הויבען זיך משופע׳דיג ארויף צום הימעל צו. דער וואָגען פערקעהרט זיך און איהר פאָהרט פערביי דעם נארים „בייסין“ — דעם גיהינום פון דער ערד. ווען דאַנטע וואָלט געזעהען אָט דעם טייל פון יעללאוסטאון פּאַרק וואָלט ער צו־געגעבען נאָך א צירקעל צו זיינע זיעבען צירק־לען פון גיהינום.

עס איז אַ ווייסע טויטע שטרעקע, בעדעקט מיט זידענדע וואַסער־קוואַלען, שיפּענדע דאַמפּף־געיזערס און פערשיעדענע אַנדערע צו־יושעטע נאַטור־קרעפּטען. דאָ איז דער "שוואַר־צער בורטשאַדלע“, — „דהי בלעק פּראולער“ — אַ פאָנטאַן פון דאַמפּף, וואָס שיסט פון אונטער דער ערד מיט הייסער פּאַרע, שרייענדיג דערביי ווי א ריעזיגע פערוואונדעטע חיה. דורך טאָג און נאַכט, דורך ווינטער און זומער, שיסט ער ארויף זיין ווייסליך־הייסען אטהעם, אָנפּילענדיג די געגענד אַרום מיט שוידערליכע קלאַנגען. ניט ווייט פליסט דער „פייערהאָול ריווער“ — דער אַמעריקאַנער סמבטיון. עס איז אמת, אז ער וואַרפט ניט מיט שטיינער, אָבער די וואַסערן פון דעם טייך זיינען זודיג פון דעם איבערפלוס פון די הייסע קוואַלען און געיזערס.

נור מיר פאָהרען ווייטער צו דעם „אַפּפּער געיזער בייסין“, צום קעניגרייך פון די וואונדער־ליכע געיזערס.

Copyright, Detroit Publishing Co. „דער גאָלדענער טהויער“

פאַרביי פאָהרען מיר דורך דעם „אָבסידיאַן בליף“ — דעם גלאָז־באַרג. א ריעזיגער פעלז, וואָס בעשטעהט אינגאַנצען פון דונקעלען שטאָל — האַרטען גלאָז! די אמאָליגע וואולקאַנען האָבען דאָ ארום וואהרשיינליך געשפּיט מיט צושמאָלצענעם גלאָז און נאָך דעם, ווי ער איז אָבגעקיהלט און פערהאַרטעוועט געוואָרען, איז עס געבליבען שטעהן—איינער פון די געאָלאָגישע וואונדער פון דער ערד. ווען די ערשטע פאָרשער פון פאַרק זיינען געקומען צו דעם באַרג, איז זיי געווען פערשטעלט דער וועג. זיי האָבען אָבער אונטערגעצונדען ארום איין טייל פון באַרג ריעזיגע פייער־הויפענס, און ווען דאָס גלאָז האָט זיך גוט אָנגעוואַרעמט האָבען זיי עס בעגאָסען מיט קאַלטע וואַסער. דער עק פון באַרג האָט געפּלאַצט און געמאַכט א וועג פאַר דער עקספּעדיציע.

אָט דער באַרג איז אויך די אורזאַכע פון איינעם פון די גרעסטע ליגענס וועגען יעללאָוסטאון פאַרק. א יעגער האָט דערצעהלט, אז איינמאָל האָט מיט איהם אין פאַרק געטראָפען דאָס פאָלגענדע: ער האָט דערזעהן פון וויטען א הירש און האָט אין איהם אויסגעשאָסען. דער הירש האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט אויסגעשאָסען נאָך א מאָל, דער הירש בלייבט אונבעוועגליך. האָט ער זיך צום הירש געלאָזט געהן און האָט זיך אָנגעשלאָגען מיט'ן קאָפּ אָן א דורכזיכטיגער גלעזערנער וואַנד. ווען ער איז די וואַנד ארומגעגאַנגען האָט ער דעם הירש ניט געטראָפען; דער גלאָז האָט געדיענט אַלס אַ ריעזיגער טעלעסקאָפּ און דער הירש איז גאָר געווען 25 מייל ווייט... דער ליגנער האָט גענומען אַלס גרונד פון ליגען דעם ווירקליכען באַרג פון גלאָז.

אויפ'ן וועג זעהען מיר פיעלע געיזערס, אָבער מיר איילען זיך ווייטער. און אזוי ווי מיר דערנעהענטערן זיך צו דעם „אָפּפּער געיזער בייסין“, אַזוי דערזעהען מיר ווידער א פאַנטאַסטישע בילד: פון א קליינעם שטח פון עטליכע צעהנדליג אַקער גרינעם לאַנד, בעוואַקסען מיט פּרעכטיגע בלומען, הויבען זיך ארויף פאָנטאַנען פון די פערשיעדענסטע פאָרמען, אָפּט איינגעהילט אין אַ גרויהליכען מאַנטעל פון דאַמפּף.

דאָס זיינען די בעוואוסטע יעללאָוסטאונער „געיזערס“. אַ געיזער — דאָס איז אַ נאַטירליכער פאָנטאַן פון הייסע וואַסער, און אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל זיינען זיי פאַראַן נור אין 3 פּלעצער: אין איסלאַנד, אויף איינעם פון די אינזלען פון ניי־זעלאַנד און אין יעללאָוסטאון פאַרק. די לעצטע זיינען אי די גרעסטע, אי די שעהנסטע. די פּלעצער, פון וועלכע זיי שיסען ארויף, זיינען פערשיעדען ווי זיי זעלבסט. איין געיזער הויבט זיך אויף פון א קליין אָזיערקע, א צווייטער שפּריצט פון א קיילעכדיג אָדער לענגליך שיסעל, א דריטער שפּרינגט ארויס פון א שמאָל טיעף לעכעל, א פיערטענ'ס אָנפאַנג איז אַ פּראַכטפאָל־געבויטע, קינסטלעריש־געפאַרבטע וואַזע פון פערשיעדענע מינעראַלען. און ווי פערשיעדען זייער קוואַל איז, אזוי פערשיעדען זיינען זייערע מאַנירען. איינער, צום ביישפּיעל, דער „עקסעלציאָר“, הויבט אויף צום הימעל זיינע וואַסערן איין מאָל אין פיעלע יאָהר, און דערביי רייסט ער ארויס מיט זיך דעם באָדען ארום און וואַרפט אין דער הויך א גאַנצע אָזיערע; א צווייטער—„דער ריעז“*), צ. ב.—פערוואַנדעלט זיך אין א געיזער יעדע דריי וואָכען אונגעפעהר, און הויבט זיך אויף אמאָל ביז 258 פוס די הויך; א דריטער — „די ריעזין“ — לעבט אויף יעדע עלף טעג און דאַן ווערט אַלעס ארום בעשפּריצט מיט איהר הייסען ליידענשאַפטליכען שוים, אָבער שטענדיג זיינען עטליכע, פון די איבער הונדערט „געיזערס“ אין פאַרק, אַקטיוו, און ווען־ווען, איהר קענט אָבער ניט פערפעהלען צו זעהן דעם „אַלט־געטרייען“, — „דהי אָלד פעיטפול“ — דעם בעליעבסטען און בעוואוסטעסטען געיזער אין פאַרק. דעם נאָמען האָט מען איהם געגעבען דערפאַר, וואָס ער וויים ניט פון סורפּרייזען און שפּריצט ארויף רעגעלמעסיג ווי א זייגער יעדע פיער און זעכציג און א האַלבע מינוט. אַלע געיזערס וועלען אייך אָבנאַרען אויסער דעם „אַלט־געטרייען“. אָט בעווייזט זיך פון זיין טיעפקייט א הייסער געדיכטער דאַמפּף. דאָס איז דער אָנזאָג, אז זיין אַקטיוויטעט פאַנגט זיך אָן, און באַלד רייסט זיך ארויס מיט א רעש אַן אונגעהויערער שטראָם פון א הונדערט פופציג פוס די הויך, איינגעוויקעלט אין זודיגען דאַמפּף. באַלד ווערט דער דאַמפּף פערשוואונדען און עס פערלט זיך אנטקעגען דער זון דער הוילער בלאַנקער וואַסער, ווי א ריעזיגער גייסט אין ווייסע תכריכים, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון קבר. דער שטראָם האַלט אָן פאַר א פינף־זעקס מינוטען און דאַן זינקט ער אריין צוריק אין דער ערד, און די לעצטע שטראָמען פאַלען אראָב אין פערלען און דימענטען צום גרונד.

און פּונקט אזוי ווי עס זיינען פּרעכטיג די וואַסער־געיזערס, אזוי זיינען העסליך און עקעלהאַפט די „בלאָטע־געיזערס“, אָדער ווי מען רופט זיי — די „פאַרב־טעפּ“. אין איינינגע פּלעצער זיינען, ווי עס שיינט, די לעכער פון די געיזערס פערשטאָפּט מיט בלאָטע. די היץ אונטען הויבט עס אויף. די בלאָטע ארום די געיזערס בלעזעלט זיך און שאַפט דערביי די לעכערליכסטע פיגורען, וועלכע פּלאַצען באַלד, און אָט די לעכערליכע עקעלהאַפטע פיגורלעך, וואָס שיינען צו זיין געמאַכט פון טייוועל אליין, מיט דעם שוועבעל עפּוש ארום, פערוואַנדלען די געגענד אין דעם אָריגינעל־

*) „דער ריעז“ — זעה אויפ'ן פאָדער־בלאַט.

דער אויבערשטער גייזער־באַסיין

„די ריעזין“

„דער איינזאמער שטערן“

סטען אָבער אונאנגענעהמסטען פלאַץ פון גאַנצען פאַרק.

פון וואַנען נעהמען זיך די געיזערס? ביז מיט א קורצע צייט צוריק זיינען וועגען דעם געווען נור השערות. לעצטענס האָט זיך די וויסענשאַפטליכע וועלט פון די אַלטע השערות אָבגעזאָגט, און כמעט אַלע נעהמען איצט אָן די טעאָריע פון פּראָפעסאָר בונסען, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען שטודירט די געיזערס אין אַלע עקען וועלט.

זיין טעאָריע איז גאַנץ איינפאַך און בעשטעהט אין פאָלגענדען:

דרוק שווערער און דארום נעהמט עס לענגער דאָס וואַסער אויפצוזידען. איצט שטעלט אייך פאָר דאָס פאָלגענדע: דער חלל אָדער לאָך פון א געיזער דאָס איז א זייל וואַסער, וואָס האַלט אמאָל הונדערטע פוס טיעף. דער עק פון אָט דעם זייל וואַסער קומט אין בעריהרונג מיט אָנגעגליהטע פעלזען און וואַרעמט זיך אָן. ביז אָבער דאָס וואַסער הויבט אָן צו זידען, מוז עס זיך פאַנאַנדערוואַרמען זעהר שטאַרק, ווייל דאָס וואַסער אויבען מאַכט דעם פּראָצעס פון זידען זעהר שווער. אין א בעשטימטער צייט ווערט דאָך דאָס אונטערשטע וואַסער אזוי

די „האָט ספּרינגס" טעראַסען

נישט אומעטום נויטיגט זיך וואַסער אין דער זעלבער היץ אום אָנצוהויבען זידען. געוועהנליך פאָדערט זיך א טעמפּעראַטור פון 212 גראַד. אָבער אויף א הויכען באַרג וועט וואַסער אָנפאַנגען צו קאָכען פון א פיעל קלענערע היץ און, פערקעהרט, אין אַ טיעפער מיין, וועט וואַסער ביי 212 גראַד ניט זידען און עס וועט זיך צו דעם פאָדערן א פיעל העכערע טעמפּעראַטור. פאַרוואָס איז עס? ווייל וואָס גרעסער דער דרוק איז אויפ'ן וואַסער אלץ שווערער איז עס צו מאַכען זידען. אויף א הויכען באַרג איז די לופט שיטער און דער פרעס פון דער לופט ניט זעהר שטאַרק, דארום וועט דאָרטען וואַסער זידען פון א קלענערע היץ, ווי ס'איז נויטיג אין אַ הויז, אָבער אין דער טיעפעניש איז די לופט געדיכטער, דער

הייס, אז עס ווערט פערוואַנדעלט אין דאמפף און דער דאַמפף רייסט זיך דאַן דורכ'ן וואַסער דרויסען. דער דרוק פון דעם אויבערשטען וואַסער ווערט דאַן אָבגעשוואַכט, דער טייל וואָס איז נעהענטער צו די הייסע אונטערערדישע פעלזען, ווערט פלוצלונג פערוואַנדעלט אין דאַמפף, וועלכער שיסט ארויס דרויסען און הויבט דערביי אויף דאָס גאַנצע וואַסער, וואָס שטעהט איהם אין וועג.

אז פּראָפעסאָר בונסען'ס ערקלעהרונג איז ריכטיג, קען מען ברענגען פיעלע בעווייזע. דער בעסטער בעוויז איז, וואָס ער בעוויזט צו מאַכען א געיזער ביי זיך אין הויז. ער האָט אויפגעבויט א מאַשינקע, וואו דאָס וואַסער איז אין דערזעלבער פּאָזיציאָן, ווי אין דעם לאָך פון געיזער, און ער בעוויזט, אז ווען גוט אָנ־

אַ „פּונטש־שאָל"

Copyright, Detroit Pub. Co.

דער „אַלט־געטריייער"

דער „שוואַם"

געוואַרעמט פון אונטען פליהט דאָס וואסער ארויס פונקט ווי אין אַ געיזער.

אָבער איהר ווייסט, אז מיט די געיזערס איז נאָך דער אינטערעס און די וואונדער פון יעללאָוסטאון ניט פערגאנגען. איהר ווילט נאָך זעהען די פרעכטיגע „יעללאָוסטאון לייק“ — אן אָזיערע פון איבער הונדערט סקווער מייל, וואָס געפינט זיך 8000 פוס אין דער הויך! דאָס איז אן אבגרונד פול וואסער!

איך בין זיך מודה ומתודה, אז קיינמאָל האָב איך אזוי פיעל ניט געקלערט וועגען טרינקען זיך, ווי ווען איך בין געווען אויף א שיפעל איבער די גרונדלאָזע טיעפקייט פון יעללאָוסטאון לייק!

די אָזיערע איז אויך זעהר רייך אין פיש און איהר קענט דאָ האָבען דעם פערגניגען פון אויפהויבען מיט אייער אודקע אן אָבגעקאָכטע פיש גלייך צום עסען. עס איז קיין שפאַס. אַרום אָזיערע געפינען זיך פיעלע זודיגע קרעניצעס און אזוי ווי דאָס פיש איז נאָך אויפ׳ן ענגעל קענט איהר עס אַראָבלאָזען אין איינעם פון די הייסע קוואַלען און ארויסנעהמען אָבגעקאָכטערהייט.

* * *

צולעצט קומען מיר צו דעם יעללאָוסטאון ריווער און זיינע אונבעשרייבליך שעהנע ברעגען. דער טייך פון יעללאָוסטאון איז מעהר אלס 1000 מייל די לענג און איז איינער פון די וויכטיגסטע אַמעריקאַנער טייכען, און דורכגעהענדיג יעלאָוסטאון פאַרק האָט ער זיך דורכגעשניטען א וואונדערליכען וועג.

די וועסט איז בכלל זעהר רייך מיט „קעניאָנס“ — אָבגרונדען צווישען פעלזען. דער ריעזיגער קעניאָן פון קאָלאָראַדאָ איז איינער פון אַמעריקא׳ס גרעסטע וואונדער, אָבער די קעניאָן פון יעללאָוסטאון איבערשטייגט זיי אַלע.

אַ „פיש־קעסעל“

ווען איהר זיצט איבער׳ן אָבגרונד פון קעניאָן ביי זונענאונטערגאַנג און אייערע אויגען בענעהמען די געטליכע פאַנאראמע אַנטקעגען אייך מיט דעם יעללאָוסטאון טייך זינגענדיג אין דער טיעפקייט, דוכט זיך אייך, אז איהר זעהט גאָט אליין — אייער העכסטען אידעאַל פון שעהנהייט, פון רוהה און פון אייביגקייט!

און פערלאָזענדיג דעם פאַרק, אויפ׳ן וועג צוריק צו אַלטעגליכקייט און קליינליכקייט, מורמעלט איהר שטיל א געבעט:

„געלויבט זיי, גייסט פון לעבען און דער ערד, וואָס דו האָסט מיר געגעבען אויגען צו זעהען דיינע מעכטיגע וואונדער.“

לעאָ קעניג

קאַמיל פּיסאַראָ

(קריטישער עטיוד)

הערט גערעדט פון די שפּעפּער פון'ם פראַנצויזישען אימפּרעסיאָניזם, מוז אויך דערמאָנט ווערען דער נאָמען פון קאַמיל פּיסאַראָ, פון אָט דעם „שעהנעם פּאַטריאַרכאַלען אידען“, ווי זיינע קאָלעגען פראַנצויזען פּלעגען איהם רופען, מיט דער לאַנגער באָרד און שעהן געבויגענער אידישער נאָז.

דער נאָמען פון קאַמיל פּיסאַראָ (געבאָרען אין יאָהר 1830 — געשטאָרבען אין 1903) איז זעהר בעריהמט. זיינע בילדער ווערען שוין לאַנג בעטראַכט אלס קלאַסישע בילדער אין פראַנקרייך. און ניט נור אין פראַנקרייך, נור אין דער גאַנצער קונסט־וועלט.

איך האָב שוין אין „צוקונפט“*) איינמאָל געשריעבען וועגען דעם אימפּרעסיאָניזם: „די היינטיגע בורזשואַזע און נערוועזע געזעלשאַפט האָט געשאַפען דעם אימפּרעסיאָניזם אין דער מאַלעריי און אין דער ליטעראַטור — אָט די שולע, וואָס זוכט אויפצוכאַפּען נור דאָס פאָר־איבערגעהענדע, די איינדריקע פון דעם אויגענבליק. דאָס שיינבאַרע, דעם מאָמענטאַלען עפעקט — דאָס זוכט דער מאָדערנער גייסט איבערצוגעבען. דאָס דויערהאַפטע, דאָס בעשטימטע איז דעם היינטיגען מענשען פרעמד. אין קיין צייט איז נאָך דעם מענשען'ס אויג אזוי ניט גענאַרט געוואָרען ווי אין אונזערע צייטען. אין קיין עפּאָכע האָט זיך ביים מענשען אזוי אָפט די שטימונג ניט געביטען, ווי אין אונזער צייט פון מסחר און האַנדעל. דער מענשליכער גייסט געפינט זיך איצט אין אַזאַ מין ספּעקולאַציאָנס־פיעבער — ער הויבט זיך ווי די ווערט־פּאַפּיערען אויף דער בערזע...“

און אָט דערפאַר איז דער אימפּרעסיאָניזם אזוי לייכט אָנגענומען געוואָרען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. נאָך מיט א יאָהר 20 צוריק האָט מען איהם בעטראַכט פאַר א רעוואָלוציאָנערע שולע אין קונסט און איצט איז שוין דער אימפּרעסיאָניזם אריין אין די קונסט־אַקאַדעמיעס און קונסט־שולען. ניט זעלטען טרעפען מיר פּראָפעסאָרען אימפּרעסיאָניסטען, וועלכע זיינען אַנערקענט און בעליעבט פון די אָפיציעלע רעגיערונגען. נאָך מעהר: מען גרייט־צו איצט אין גרויסען אייביגען לואַוור א ספּעציעלען סאַלאָן פאַר אָט דער „באַנדע“ רעוואָלוציאָנערען־קינסטלער, וועלכע האָט ערשט דאָ ניט לאַנג געוואָרפען א מורא אויף יעדען אנשטענדיגען קונסט־קריטיקער.

צוריק מיט א פופצעהן־צוואַנציג יאָהר פּלעגט מען אין פּאַריז מיט די פינגער טייטלען אויף דעם מאַלער־אימפּרעסיאָניסט, ווי אויף א ווילדע זאַך, ווי אויף א בייז אָנשיקעניש.

צוריק מיט א פּאָאר יאָהר, ווען איינער א רייכער קונסט־ליעבהאָבער האָט זיין אויסגעצייכענטע קאָלעקציע פון אימפּרעסיאָניסטישע מאַלערייען אַוועקגעשאָנקען פאַר דעם פּאַריזער לוקסעמבורגער מוזעאום, איז פּאַריז געגאַנגען אויף רעדלאַך! אויף מעסער־שטעך איז געווען אַ קאַמפּף צווישען די פראַנצויזישע אַקאַדעמיקער און די מעהר פריי געזאָנענע קינסטלער. און אז די יוגענד האָט געזיעגט און די אימפּרעסיאָניסטען זיינען פאָרט אָנגענומען געוואָרען אין מוזעאום, איז דאָס פּובליקום אהין לאַכען געגאַנגען פון אָט די משוגענע מאַלער. איצט לאַכט שוין דאָס פּובליקום ניט (צום לאַכען זיינען פיעל נייערע און מאָדערנערע שטרעמונגען אין דער קונסט געשאַפען געוואָרען, ווי דער קוביזם און פוטוריזם, למשל). מיט אַ יראת הכבוד, ווי פאַר עכטע קלאַסישע ווערק, שטעהט מען איצט פאַר די פּאָטרעטען און לאַנדשאַפטען פון אַ מאַנע, רענואַר און פּיסאַראָ.

און זייערע בילדער צעהלען זיך צווישען די שעהנסטע ווערק פון אָט דעם הייםליך־עלעגאַנטען לוקסעמבורגער מוזעאום, צוגלייך מיט ראָדענ'ס סקולפּטורען און פּיואַוויס־דע־שאַוואַנס בילדער, וועלכע געפינען זיך דאָרט.

* * *

די ערשטע אימפּרעסיאָניסטען זיינען געווען א הייפעלע פראַנצויזישע קינסטלער, וועלכע האָבען בעשאַפען אָט די מערקווירדיגסטע שולע אין דער מאַלעריי פונ'ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט. אינאיינעם געשטרעבט און געשאַפען, אינאיינעם פערפאָלגט און אויסגעלאַכט געוואָרען פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג און דעם הערשענדען אַקאַדעמיזם. זיי פּלעגען

*) „צוקונפט“, אָקטאָבער, 1913.

זיך צונויפקומען אין זייער קאַפע־הויז, ווי דער שטייגער איז פון די פּאַריזער קינסטלער־באַהעם, און זיי פלעגן זיך דאָרט טיילען מיט זייערע ליידען און פריידען.

קאַמיל פּיסאַראָ ווערט ניט בעטראַכט אלס איינער פון די הויפּט זיילען פונ׳ם פראַנצויזישען אימפּרעסיאָניזם, ניט קוקענדיג אויף זיין טעכנישער פאָלקאָמענהייט און טאַלענט. ס׳קען זיין אז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט׳ן גורל פונ׳ם אידישען קינסטלער, וועלכער פאַלט אריין אין א פרעמדער סביבה. א גרויסע סומע פון די אידיש שעפּפערישע כחות נעהמט אוועק דאָס אַסימילירען זיך, דאָס צופּאַסען זיך צום פרעמדען אַרט און גייסט. דאָס לאָזט איהם ניט ארויסווייזען זיך אין זיין גאַנצער אינדיווידועלער, און ממילא שוין נאַציאָנאַלער, גרויסקייט.

דאָס איז אפשר אויך געוועזן דער גרויסער טראַגיזם פון היינריך היינע, וועלכער האָט זיך אַליין געריסען פונ׳ם דייטשען צום פראַנצויזישען אַרט און וועזען און פערקעהרט, און איז סוף כל סוף געבליעבען אידיש טאַקע דורך זיין צוואוואָרפענקייט און צובראָכענקייט.

אַזאַ מין בלאָנדזשענדער שטערן איז אויך קאַמיל פּיסאַראָ אין זיין לעבען און שאַפען, און אזעלכע וועלען מוזען בלייבען די אידישע קינסטלער כל זמן דאָס „בלאָנדזשענדע“ וועט זיין דער הויפּט כאַראַקטער שטריך פונ׳ם אידישען לעבען איבערהויפּט. אמת, עס פיהלט זיך נאָך אימער ביי זיי אַביסעלע אידישע ליידענשאַפט, אביסעלע נביא׳שעס, נור דאָס ווערט אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט ביים אידישען מאָדערנעם שעפּפער און אם שטאַרקסטען ווירקט דער וואַנדער־שטאָק, וועלכען ער בעקומט בירושה. קיינער פון אָט די בעריהמטע אימפּרעסיאָניסטען האָט ניט געקענט אזוי נאָכמאַכען, נאָכאַהמען, ווי קאַמיל פּיסאַראָ. איהם איז גאַנץ אָפט שווערער צו דערקענען, ווי וועמען פון זיינע חברים. קוקענדיג אויף זיינע בילדער, מוזט איהר זיך אָפט צוקוקען ווער עס איז אונטערגעשריעבען.

ער האָט אַלץ ניט געקענט רוהען און אַלץ געזוכט און געזוכט, גלייך ווי דאָס „נאַטירליכע“, וואָס איז אין איהם טיעף געוועזן פערבאָרגען, וואָלט איהם געטריבען ווייטער, ערגעץ אַנדערש, ניט לאָזענדיג זיך איהם בענוגענען מיט דעם וואָס ער האָט פערמאָגט.

און דערביי קוקט ארויס פון זיינע ווערק אַזאַ עהרליכע אַרטיסטישע נאַטור, וועלכע האָט זיך ניט געשעמט שטענדיג לערנען און שטודירען אפילו פון אינגערע מייסטער ווי ער.

דאָס איז קלאָר: דער אימפּרעסיאָניזם, וועלכער איז אזוי נאַציאָנאַל פראַנצויזיש, וועלכער האָט אין זיך אזוי פיעל פונ׳ם פּאַריזער לעבענסלוסטיגען גייסט, האָט ניט געקענט אין גאַנצען פערכאַפּען דעם אידען פּיסאַראָ און שטעלען איהם אויף א העכערען פּלאַץ.

און דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף נאָך א געוואַלדיגע סתירה פונ׳ם איצטיגען אידישען שאַפען. דער דורכשניטליכער טיפּ פונ׳ם אידישען קינסטלער איז מעהר ווירטואָז, טעכניקער, ווי עכטער קינסטלער מיט אַן אייגען וואָרט, מיט אַן אייגענער וועלט־אַנשויאונג. דער פּראָצעס פונ׳ם צופּאַסען זיך מאַכט פונ׳ם אידען א געשעפטס־מאַן. דאָס אינטימע, דאָס אָריגינעל־שעפּפערישע געהט ביי איהם פערלאָרען. דאָס מערקען מיר אויף אַלע געביטען פון דער קונסט, וואו אידען זיינען בעשעפטיגט — סיי אין דער מוזיק און ליטעראַטור, סיי אין די פּלאַסטישע קונסטען.

ס׳גיבען זעהר פיעל אידען ווירטואָזען, מאַעסטראָס, אָבער כמעט גאָרניט קיין אידען קינסטלער־וועג־ווייזער, וואָרט־זאָגער (זעלבסטפערשטענדליך ניט אינ׳ם ליטעראַריש־טענדעציעזען זין ווערט דאָ געמיינט).

דאָס וואָס אמאָל איז אזוי פרעמד געוועזן דעם אידישען גייסט — די געצענדיענערישהעלעניסטישע פערגעטערונג פון דער אויסערליכער שעהנהייט, פון די אויסערליכע פאָרמען, איז איצט ביי אידען־קינסטלער געוואָרען א זאַך, וואָס זיי לערנען זיך גיך אויס. און דאָס עכט־אידישע, אויף וויפיעל עס קוקט ארויס פון די אַלטע אידישע שעפּפונגען, איז דאָך פּונקט דער געגענטהייל. ניט דאָס אויסערליכע, נור דאָס אינערליכע איז ביי די אמאָליגע אידען געוועזן דער עיקר. דאָס גרויסע וואָרט, דער געוואַלדיגער אמת, וועלכער האָט געבושעוועט אין די הערצער פון אונזערע נביאים, האָט געשאַפען זייערע סטילען, זייערע פלאַם־פייערדיגע פאָרמען. פון אַן אינערליכער השתפכות הנפש איז געקומען דער עכטער אידישער שעפּפער צו אויסערליכע פאָרמען.

אָט דער געגענזאַץ צווישען אייגענע און פרעמדע קולטען דערלאָזט אפשר אויך ניט דעם אידישען קינסטלער צו שטעלען זיך אויף א העכערער מדרגה, וועלכע ער פערדיענט צוליעב זיינע פעהיגקייטען. עס פעהלט דעם איצטיגען אידישען קינסטלער די אינערליכע גאַנצקייט און אויסגעהאַלטענקייט, כדי ער זאָל ערשט קלאַסישע קונסט־ווערק שאַפען.

* * *

ווי די מעהרסטע אימפּרעסיאָניסטישע מאַלער צייכענט זיך אויס אויך קאַמיל פּיסאַראָ, נור מיט׳ן ריין־אַרטיסטישען, מיט זיין ווירטואָזיטעט. „בעמערקען און איבערגעבען“ — דאָס איז זייער גרעסטע אויפגאַבע געוועזן. פערשיעדענע עקספּערימענטען אויפ׳ן געביעט פון ליכט און פאַרבען האָבען זיי זיך געשטעלט און גלענצענד אויסגעפיהרט. די אימפּרעסיאָניס־

טען זיינען אפשר די גלענצענדסטע שילער, וואָס די נאַטור האָט אמאָל געהאַט צווישען קינסטלער... דערפאַר איז אויך די לאַנדשאַפט־מאלעריי קיינמאָל ניט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער שטופע און קיינמאָל אַזאַ בכבוד'יגען אָרט ניט פערנומען. כמעט אַלע אימפּרעסיאָניכטען זיינען הויפּטזעכליך פּייזאזשיסטען (לאַנדשאַפּט־מאַלער). און אזוי איז אויך קאַמיל פּיסאַראָ געווען. דער מענש האָט פאַר'ן אימפּרעסיאָניסט־ווירטואָז קיין גרעסערע בעדייטונג ניט, ווי דאָס פיה און שטאַל, ווי דער בוים אין פעלד... ליכט און פאַרבען — בעגעהרען זיי נור. ווי פרעהליכע פאַרביגע שמעטערלינגע האָבען זיי ארומגעשוועבט איבער גאָט'ס שעהן וועלטעל, איינזאַפּענדיג אין זיך לופט און זון.

און נור מיט דעם ריין־אַרטיסטישען וועהט פון די לאַנדשאַפּטען און פּאָרטרעטען פון קאמיל פּיסארא. עס פּלאַטערט אַזוי אָפט אין זיי דאָס האַרץ־קלאַפּען, דאָס שעפּפערישע פערגעניגען פון דעם בעאָבאַכטער, וועלכער האָט עפּעס שעהנעס דערזעהן און איז אין גאַנצען ענטציקט דערפון. ארום אָט דעם געפאנגענעם זונען־שטראהל בויט ער שוין זיין גאַנצע סקיצע, זיין גאַנצען לאַנדשאַפּט אָדער בילד . . .

דאָס איז אייגענטליך דער תמצית, דער קערן פון'ם אימפּרעסיאניסטישען שאַפען. דער קינסטלער אימפּרעסיאניסט לעבט און שאַפּט, אַזוי צו זאָגען, מיט'ן פאַרב־קאסטען אויפ'ן אקסעל, מיט'ן סקיצען־בוך אין האַנד. דער קינסטלער אימפּרעסיאניסט געהט אַרום שטענדיג אויף גאָטס וועלט מיט אַ אָפען הארץ און אויג. דערפאר שאַפען זיי קיינמאָל ניט קיין גרויסע קאמפּאנירטע בילדער, וועלכע זיינען אין לאנגע שלאַפלאָזע נעכט דורכגעפיהלט און דורכגעליטען . . .

אַ פּאַריזער בולוואר פון קאַמיל פּיסאַרא

דאָס אייגענע בעמערקען מיר אויך אין דער אימפּרעסיאניסטישער ליטעראטור ביי א מאפּאסאן און ווערלען, למשל . . . מיט פרישע, ערשט געפונענע פארבען שמעקט פון זייער אַ נאָוועלע, אַ געדיכט. דער פרישער איינדרוק, דאָס ערשט געזעהענע שפריצט פון דעם ווערק

אַרויס אויפ'ן ערשטען פּלאַן. און ווען איהר זענט אַ קונסט־קענער און קונסט־שעצער בעצויבערט עס אייך.

און דאָך קוקען אַרויס פון קאַמיל פּיסאַראָס ווערק אַ פּאָר בעזאָנדערהייטען, אייגענאַרטיגע שטריכען, וועלכע האָבען אַ שייכות מיט זיין אידישען שטאַם.

ער איז פיעל ערנסטער און שווערער פון זיינע פראַנצויזישע חברים. זיין קאָלאָריט איז פיעל גרויער, טונקעלער. דער איד, ווי אַסימילירט ער זאָל ניט זיין, קען ניט זיין אַזוי לעבענס־לוסטיג ווי דער פראַנצויז.

מעג ער דאָך אַפילו אין גאַנצען אַראָפּוואַרפען דאָס פּעקעל אידישקייט פון זיינע פּלייצעס, וועט דער שאָטען פון'ם פּעקעל אַלץ נאָך בלייבען דאָרטען רוהען און וועט דעם אידישען רוקען זיך ניט לאָזען אין גאַנצען אויסגלייכען. אין'ם אויג פון'ם אַסימילירטען אידען שימערט נאָך אַלץ דער גלאַנץ פון'ם אַלטען טרויער.

בולוואַר מיט זיין געוויש און בעוועגונג. בוימער, קאַרעטען, רעדער, מענשען, לופט, זון... — אַזאַ טעכנישע געשיקטהייט — וואונדערט איהר זיך.

און אָט מאָלט ער אייך די סענע... שיפלעך לויפען... אין דער לופט אַזאַ מין דורכזיכטיגע פאַרביגקייט... מענשלעך געהען דאָרט אויף די בריקען... — אַזוי פיעל קענען!...

נור פּרובט עס אָבער פערגלייכען מיט די זעלבע מאָטיוועז ביי אַנדערע אימפּרעסיאָניסטישע קינסטלער, וועט איהר דערפיהלען, אַז זיין ליעד איז ניט אָהן אַ פּגימה.

און אָפט דאַכט זיך מיר, אַז קאַמיל פּיסאַרא איז בעשאַפען געוואָרען ניט צו זיין אַן אימפּרעסיאָניסט־פּעיזאַזשיסט. צופיעל האָט ער זיך שוין געוואָרפען און געבלאָנדזשעט...

ווי אַ שאָטען פון אַן אַנדער פּיסאַרא, לויפט אייך נאָך, בעת איהר קוקט אויף זיינע ווערק. עס איז אין איהם אַזאַ ערנסטער גייסט



ווינטער־לאַנדשאַפט פון קאַמיל פּיסאַראָ

אומעדיגער, ערנסטער קוקט קאַמיל פּיסאַרא אויף דער נאַטור. ער געהט ניט אַזוי לעבעדיג, פרעהליך מיט אַ אונטערטענציל אויף אַן עטיוד ווי דער פראַנצויז למשל, וועלכער ווי אַלט ער זאָל ניט זיין, בלייבט ער דאָך אימער זאָרגלאָז, אינגליש.

דער איד פּיסאַרא געהט אויף אַ פּעיזאַזש און די זון ווערט עפּעס ווי טרויעריג, די פאַרבען — סאָלידער, גרויער... אַ זיפץ לויפט פאַראויס זיין פרעהליכען וועג.

אמת, עס צופלאַקערט זיך באַלד זיין אַרטיסטישע פעהיגקייט און ער גיסט זיך צונויף מיט נאַטור און לעבען, פערגעסענדיג אָן אַלעס, אָן אַלעס...

אָט וואַקסט אויס פאַר אייך אַ פּאַריזער

געזעסען, וועלכער האָט איהם ניט געלאָזט מאָלען צוליעב מאַלען.

ווי מיט יעדען אַנגעזעהענעם אידישען קינסטלער, האָבען מיר דאָ צו טהאָן מיט אַ שעפּפער פול סתירות און ווידערשפּרוכען, מיט אַ דיכטער, וועלכער האָט געוואָלט אַ פרעהליך, קלינגענדיג ליעד זינגען פון נאַטור און לעבען און וואָס איז דאָך ניט אַזוי גלענצענד געלונגען, ווי עס געלינגט אַנדערע.

אַלענפאַלס איז ער איינער פון די שעהנסטע אַרטיסטען־מאַלער, וואָס מיר אידען האָבען ביז איצט געהאַט. און אויך אין דער געשיכטע פון'ם פראַנצויזישען אימפּרעסיאָניזם פערנעהמט ער איינעם פון די שעהנסטע ערטער.

דר. אסתר לוריע

בעריהמטע אידישע סאַלאָן פרויען

בעת מען האָט די אידען אין זיעבצעהנטען יאָהרהונדערט (1670) ארויסגעטריבען פון וויען, האָט דער בראַנדענבורגער קורפירסט אריינגענומען אין זיין לאַנד, דאָס קינפּטיגע פּרייסען, 50 פאַמיליעס. 12 פון די פופציג זיינען געבליעבען וואָהנען אין בערלין. דער קורפירסט האָט געוואָלט האָבען די אידען אין בראַנדענבורג, צוליעב זייערע האַנדעלס־פעהיגקייטען און אונטערנעהמונגס־גייסט, און ער האָט ניט געהאַט קיין טעות. ניט קוקענדיג אויף אַלע בעשרענקונגען און פערפאָלגונגען, האָבען די אידען אין בערלין ערוואָרבען רייכטום און ענטוויקעלט ביסלעכווייז די אינדוסטריע. אין דעם זיעבעניאָהריגען קריעג (1756־1763) זיינען איינינע אידען זעהר רייך געוואָרען; זיי זיינען געוועזען מיליטער־ליעפעראַנטען. און זיי האָבען נאַכהער אָנגעווענדעט זייערע קאַפּיטאַלען צו גרינדען באַנקען און צו שאַפען אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען. די פאָלגען פון דעם קריעג זיינען געוועזען וויכטיג אויך פאַר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די אידען. ביז דאַן זיינען זיי אין גאַנצען אָבגעריסען געוועזען פון דייטשען לעבען. פערשלאָסען אין די געהעטאָס, האָבען זיי געלעבט נאָך אין א מיטעלאַלטערליכען צושטאַנד. איידער אָבער מיר וועלען ריידען וועגען דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די אידען, ווילען מיר זיך אָבשטעלען אביסעל אויפ'ן גייסטיגען צושטאַנד אין דאַמאָלסדיגען פּרייסען בכלל.



מאזעס מענדעלזאָן

נאָך דעם זיעבעניאָהריגען קריעג הויבט אָן דאָס בירגערטום (וועגען בורזשואַזיע, אין היינטיגען זין, קאָן נאָך צו יענער צייט קיין רייד ניט זיין) צו ווערען מעכטיג אין פּרייסען. ביז אהער האָט די אַריסטאָקראַטיע אליין געשפּיעלט די גאַנצע ראָלע אין דער געזעלשאַפט; דאָס בירגערטום האָט כמעט ניט געהאַט קיין

ג. אפרים לעססינג

אייגענעם גייסטיגעס לעבען — עס האָט זיך נור צוגעקוקט צום גייסטיגען לעבען פון דער אַריסטאָקראַטיע. אין איין שעהנעם טאָג אָבער, דערצעהלט וועגען בערלין דער דייטשער פילאָזאָף, ווילהעלם דילטהיי, איז דער פּריי־סישער קעניג פריעדריך דער 2טער געבליעבען גאַנץ פערוואונדערט: ער האָט ניט געפונען, ווי ביז אַהער, אונטער די פענסטער פון זיין פּאַלאַץ די בערלינער מאַסען, וועלכע פלעגען זיך צוהערען צו דער מוזיק און צוקוקען צום פּאַראַד פון קעניגליכען באַל. אונטער די פענסטער האָט דאָס בערלינער פובליקום מעהר שוין ניט געוואָלט שטעהן.

העגריעטא הערץ

דאָס בירגערטום האָט געשטרעבט צו האָ־בען זיין אייגענעם גייסטיגעס לעבען. און אָט אַזאַ לעבען צו שאַפען האָבען איהם געהאָלפען צוויי פערזענליכקייטען — דער קריסט לעסינג און דער איד מענדעלזאָן.

זיי זיינען געוועזען פריינד,ביידע עהנליך אין זייער קעמפּפענדער נאַטור, אין זייערע מענשענפריינדליכע אנשויאונגען און נאַציאָנאַ־לע געפיהלען. זיי האָבען געשטרעבט איינצו־פלאַנצען די דייטשע קולטור אין דייטשלאַנד. לעסינג האָט געזוכט צו דערהויבען דאָס דייטשע פאָלק פון דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור, צו ערציהען אין דייטשלאַנד דאָס נאַ־ציאָנאַלע געפיהל; מענדעלזאָן האָט זיך בע־מיהט דאָס אידישע פאָלק צו דערנעהנטערן צום



מאַרקוס הערץ

דייטשען דורך דייטשע בילדונג, אָבער אויף די אידישע בילדונג האָט ער אַלע מאָל געהאַט אין זינען. ער און זיינע תלמידים האָבען געגרינ־דעט א שולע פאַר אידישער און אַלגעמיינער בילדונג; זיי האָבען ארויסגעגעבען א צייט־שריפט אויף העברעאיש און דייטש, איבערגע־

פריעדריך ערנסט שלייערמאַכער

זעצט די ביבעל אין דייטש. ביז מענדעלזאָנען האָבען די אידען אין דייטשלאַנד כמעט ניט געקאָנט קיין דייטש; זיי האָבען גערעדט זשאַרגאָן. ראַטשילד שרייבט מענדעלזאָנען א בריעף אין א זעהר שלעכטען דייטש. מענדעלזאָן איז געווען דער ערשטער איד אין בערלין, וואָס האָט געהאַט בעציהונגען מיט די געבילדעטע קריסטען. עס איז ניט געווען קיין איינציגער בעדייטענדער מענש אין בערלין, וואָס זאָל זיך ניט טרעפען מיט מענדעלזאָנען; יעדער געבילדעטער מאַן, וואָס פלעגט דורכפאָהרען בערלין, האָט געמוזט אויפזוכען דעם „אידישען פילאָזאָף“, דעם „חכם“, ווי מען האָט גערופען מענדעלזאָנען.

און דאַן שוין, אונטער דער ווירקונג פון מענדעלזאָנען, הערען זיך שטימען, אַז מען מוז פערבעסערען די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען. דאָם, א בעוואוסטער שטאַאטס־מאַן און פּראָפעסאָר, שרייבט א בוך וועגען דער אידען־פראַגע. ער בעשרייבט די לאַגע פון די אידען און זאָגט זיך ארויס פאַר דער גלייכבערעכטיגונג פון די אידען מיט די קריסטען. און הגם קיין דירעקטען ערפאָלג האָט דער בוך ניט געהאַט. האָט ער אָבער איבערגעלאָזען א טיעפען, שטאַרקען איינדרוק.

צו דיזער צייט געפינען זיך אין בערלין 142.000 איינוואוינער, פון וועלכע 25.000 זיינען אידען. מיראַבאָ, איינער פון די פיהרער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, שרייבט אין יאָהר 1788 איבער דער פּרייסישער מאָנאַרכיע: אין בערלין זיינען דאַן געווען וועניג סוחרים, וואָס זאָלען פערמאָגען 4 אָדער אפילו 3 טויזענד דאָלאַר. גאָר וועניג זיינען געווען סוחרים, וואָס זאָלען פערמאָגען ביי 8 טויזענד דאָלאַר; זיי זיינען אָבער כמעט אַלע געווען אידען.

דאָס גייסטיגע לעבען אין בערלין ענטוויקעלט זיך זעהר שנעל צווישען די אידען. די בעדינגונגען פאַר די קריסטען זיינען געווען אין דיזער הינזיכט וועניגער גינסטיג, עס פעהלט ביי זיי צו יענער צייט אין בערלין דאָס רייכערע און מיטעלע בירגערטום. די קריסטליכע אַריסטאָקראַטיע לעבט מיט'ן לעבען פון הויף, די קלענערע בעאַמטע זיינען זעהר אָרים און בעשרענקט; זיי זיינען אויסשליסליך פערנומען מיט די טעגליכע זאָרגען. די קריסטליכע אַריסטאָקראַטישע יוגענד, וואָס הויבט אָן צו לעבען מיט'ן נייעם גייסט, פיהלט זיך שלעכט ביי זיך אין דער היים און זוכט די גייסטרייכע אידיישע יוגענד.

אין גייסטיגען לעבען פון דער הויפּטשטאָדט נעהמען א לעבעדיגען אנטהייל די פרויען, מעהרסטענס די אידישע; זיי בעשעפטיגען זיך מיט דער ליטעראַטור אין ברייטסטען זין. זיי לערנען פראַנצויזיש, כדי צו לעזען די פראַנצויזישע ליטעראַטור. זיי לערנען ענגליש צוליעב שעקספּיר'ן, וועלכען לעסינג האָט דאַן בעקאַנט געמאַכט אין דייטשלאַנד. זיי לערנען אויך איטאַליעניש. זיי פערשפּרייטען די בילדונג בכלל. די פרויען בעגנוגענען זיך ניט מיט דיזער טהעטיגקייט. זיי בילדען א „טוגענד בונד“, א געזעלשאַפט מיט'ן צוועק פון גייסטיגער און מאָראַלישער ענטוויקלונג. זיינע מיטגליעדער זיינען פרויען און מענער פון בערלין און אַנדערע שטעדט. די מיטגליעדער פון אַנדערע שטעדט געהערען צום בערלינער „בונד“ דורך קאָרעספּאָנדענץ. עס הערשט אָן אינטימעס פערהעלטניס צווישען די בעקאַנטע און אונבעקאַנטע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט. אין דעם „טוגענד בונד“ הערשט שוין א פרייערער גייסט, וואָס ערלויבט שוין, אַז מענער און פרויען, אַריסטאָקראַטען און בירגער, אידען און קריסטען זאָלען זיך צונויפקומען צוזאַמען.

דער פרייערער גייסט צייגט זיך נאָך בולט'ער אין די סאַלאָנען פון די אידישע פרויען. דאָ בעגעגענען זיך די פערשיעדענסטע עלעמענטען — אידען און קריסטען, דייטשען, פראַנצויזען און ענגלענדער — געלעהרטע, גייסטליכע, קינסטלער און איינינע פרינצען. די דאָזיגע סאַלאָנען זיינען געווען אין בערלין די ערשטע הייזער, וואו עס האָט געהערשט אַזאַ פערשיעדענאַרטיגעס לעבען. זיי האָבען געהאַט א גרויסע קולטורעלע בעדייטונג. דאָ, אין די סאַלאָנען, האָט זיך אָפט א פעהיגער יונגער מענש ענטוויקעלט צו א בעדייטענדען מענשען פיעל שנעלער און גרויסאַרטיגער, ווי דאָס וואָלט פּאַסירט אונטער אַנדערע אומשטענדען. דאָ פלעגט מען בעמערקען פיעל שנעלער די דרעמלענדע פעהיגקייטען, די ניט־ערוואַכטע טאַלאַנטען; מען פלעגט זיי בעמערקען און וועקען און צו טהעטיגקייט ארויסרופען. אין די סאַלאָנען פלעגען זיך צוזאַמענקומען מענשען, וועלכע זיינען פערשיעדען געווען דורך זייער בערוף, בילדונג און כאַראַקטער, און יעדער האָט געהאַט א מעגליכקייט צו בעקענען זיך מיט פערשיעדענע זייטען פון לעבען און גייסט. דאָ פלעגט מען בעקומען די אָנרעגונג צו א פיעלזייטיגער גייסטיגער טהעטיגקייט און אָפט אויפהערען צו זיין אַן איינזייטיגער ספּעציאַליסט.

דריי בעריהמטע, הויך־בעגאַבטע אידישע פרויען — הענריעטא הערץ, רחל לעווין און דאראטהעא מענדעלזאָן (מענדעלזאָנ'ס טאָכטער) — האָבען געבילדעט דעם מיטעלפּונקט פון קולטורעלען בערלין. זייערע נעמען דערמאָנט יעדע דייטשע קולטור־געשיכטע. דער קולטור־היסטאָריקער מוז זיך אָפט בעשעפטיגען מיט דעם אידישען לעבען אין בערלין, כדי בעסער צו ערקלערען דאָס לעבען פון די דריי

פרויען, כדי צו בעווייזען די בעדייטונג, וועלכע די אידען האָבען בכלל געהאַט פאַר'ן גייסטיגען לעבען אין דייטשלאַנד.

הענריעטא הערץ.

העגריעטא הערץ האָט אונז ניט איבערגעלאָזען קיין איינציגעס ווערק. איהרע בריעף האָט זי פערברענט. זי איז ניט געווען קיין פיהרערין פון א גייסטיגער בעוועגונג — און דוקא ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט זי א היסטאָרישע בעדייטונג. איהר ווירקונגס קרייז איז געווען א ריין אינערער — אויף די מענשליכע נשמה האָט זי געווירקט. אינטימע בעציהונגען מיט מענשען איז געווען פאַר איהר א בעדערפעניס. „די געזעליגקייט איז מיין לעבענס־עלעמענט" — האָט זי זיך איין מאָל אויסגעדריקט.

העגריעטא הערץ איז געווען א זעלטענע, אַלגעמיין אַנערקענטע, בעצויבערענדע שעהנהייט. זי איז געווען הויך, גראַנדיעז, מאַיעסטעטיש. דער קאָפּ מיט די קלאַסישע געזיכטס־ציגע האָט ענטציקט די קינסטלער. אַלס 55 יאָהריגע האָבען זי פיער קינסטלער געצייכענט. איהרע מאַניערען, איהר האַלטונג איז געווען פול מיט ווירדע. אנגענעהם איז געווען דער האַרמאָנישער און ווייכער קלאַנג פון איהר שטימע. מיט דער שעהנער געשטאַלט האָט האַרמאָנירט די איידעלע נשמה. זי איז געווען א שטרעבענדע נאַטור, אָבער פול מיט רוהיגער זעלבסטבעהערשונג, מאַיעסטעטיש און איינפאַך אין איהר האַלטונג, אין איהר אַרט רעדען און אין איהר גאַנצער נאַטור. זי איז געווען א געמיטס־נאַטור, פאַר וועלכער דאָס נשמה־לעבען האָט אַזאַ גרויסען ווערטה. זי האָט אָבער ניט געהערט צו די עגאָאיסטישע אינדיווידואַליסטען, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אויסשליסליך מיט זייער אינערער וועלט. זי איז געווען א מענש מיט פפליכטען; מיט איהרע מיט־מענשען האָט זי זיך שטענדיג גערעכענט.

העגריעטא הערץ איז געבאָרען געוואָרען דען 5 סעפטעמבער, 1764 אין בערלין. איהר פאָטער, לעמאָס, איז געווען דער אָנגעזעהנער און ערשטער אידישער אַרצט אין בערלין. ער האָט געשטאַמט פון פּאָרטוגעזישע אידען. געבאָרען געוואָרען איז ער אין האַמבורג, וואו די אידען זיינען צו יענער צייט געווען רייך און האָבען געהאַט א געזעלשאַפטליכע בעדייטונג. זיין הויז האָט לעמאָס געפיהרט אָרטאָדאָקסאַל־אידיש. פון אַנדערע אידען האָט ער זיך אונטערשיידט נור דורך דאָס גוטע דייטש, וואָס ער האָט גערעדט. עס איז געווען דער מנהג ביי די פּאָרטוגעזישע אידען, גוט צו קענען די שפּראַך פון לאַנד, וואו זיי האָבען געוואָהנט.

שוין אַלס קינד האָט העגריעטא הערץ געשפּיעלט א ראָלע אין בערלין, דורך איהר שעהנהייט. זי איז געווען די ציערונג פון יעדען יום טוב. ווען די פּרינצעסין אַמאַליא, די שוועסטער פון פּריעדריך דעם 2טען, האָט בעטראַכט די סוכה פון א בערלינער גביר, האָט מען איהר דאָ פּאָרגעשטעלט העגריעטא'ן אַלס דאָס שעהנסטע אידישע קינד. די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט האָט ענטוויקעלט אין העגריעטאַ'ן אונגעוואוינליכע שאַרפקייט און מוטה. אַלס קינד איז זי איין מאָל געקומען גאַנץ אונערוואַרטעט אויף דער פּערזאַמלונג פון די אידישע פּאָרשטעהער און אויסגעווירקט ביי די זקנים די ערלויבניס צו שפּיעלען א דראַמע, וועלכע זיי האָבען פריהער מיט עטליכע טעג פערבאָטען. העגריעטא האָט געזאָלט נעהמען אן אנטהייל אין דעם שפּיעל.

ביי איהרע עלטערען האָט העגריעטא בעקומען דיזעלבע בילדונג, וואָס אַנדערע רייכע אידישע טעכטער. זי האָט געלערנט דייטש, פראַנצויזיש, העברעאיש, אַ ביסעל געאָגראַפיע, געשיכטע, מאַטעמאַטיק. צו 12 יאָהר האָט זי שוין געענדיגט איהר בילדונג און אָנגעהויבען צו לעזען ראָמאַנען. שוין אַלס קינד האָט זי בעוויזען גרויסע שפּראַכפעהיגקייטען און אָנגעהויבען צו איבערזעצען די ביבעל אין דייטש.

לויט די אידישע זיטען פון יענער צייט איז העגריעטאַ געוואָרען זעהר יונג אַ כלה, צו 12 יאָהר. די עלטערען האָבען איהר דעם חתן אויסגעקליבען. זי האָט איהם געזעהען אַ פּאָאָר מאָל ביי זיי אין הויז. וועגען נעהענטערע בעציעהונגען צווישען אַ קינד און אַ 27 יאָהריגען געלעהרטען, פערשטעהט זיך, האָט ניט געקענט זיין קיין רייד.

נאַאיוו און שעהן שילדערט העגריעטא אין איהרע עראינערונגען*) דעם איינדרוק, וואָס האָט אויף איהר געמאַכט דער געדאַנק, אז זי ווערט אַ כלה. „איך האָב דערפיהלט אַ קינדישע פרייד צו ווערען אַ כלה. איך ווייס אָבער ניט, אויב דוקאַ אַ כלה פון מאַרקוס הערץ. איך האָב מיר לעבהאַפט פּאָרגעשטעלט, ווי איך וועל געהן שפּאַצירען מיט איהם געאָרעמט, ווי איך וועל בעקומען די שעהנסטע קליידער. איך האָב ווייטער געהאָפט, אַז מען וועט מיר געבען צו עסען פון די געשמאַקעגעריכטען, וואָס מען האָט געקאָכט ספּעציעל פאַר'ן פאָטער, און איך האָב גערעכענט, אַז מיין מאָנאַטליכעס געלד וועט מען מיר העכערען".

---

*) פירסט האָט ארויסגעגעבען איהרע עראינערונגען אין דייטש, וועלכע בעשטעהען פון איהרע מינדליכע ערצעהלונגען און איניגע שריפטליכע נאָטיצען.

זי ערצעהלט ווייטער, אַז אין טאָג פון די תנאים האָט דער פאָטער זי געפרעגט, מיט וועמען וואָלט זי בעסער געוואָלט התונה האָבען, צו מיט אַ דאָקטאָר, צו מיט א רב ? זי האָט פון אָנפאנג געענטפערט, אַז זי איז צופריעדען מיט דער בעשטימונג פון די עלטערן, אָבער ניט וועלענדיג בעליידיגען דעם פאטער, דעם דאָקטאָר, האָט זי געזאָגט „איך וויל בעסער אַ דאָקטאָר“. אַ כלה איז הענריעטא געווען 2 און אַ האַלב יאָהר. אין איהר לעבען איז קיין שום ענדערונג ניט פאָרגעקומען. די עלטערן און דער חתן האָבען זי צו איהר גרעסטען פערדרוס בעהאַנדעלט אַלס אַ קינד.

נאָך דער חתונה הויבט זיך אָן פאר הענריעטא'ן ווירקליך אַ נייעס לעבען, אָבער ניט דאָס לעבען, וועלכעס זי האָט זיך געשילדערט אין איהר קינדישער פאנטאַזיע — זי הויבט אָן צו פיהרען אַ גייסטיגעס געזעליגעס לעבען.

הענריעטא'ס מאַן, מאַרקוס הערץ, איז געלעהרטער, נאַטורפאָרשער און פילאָזאָף, קאנט'ס בעליעבטעסטער שילער. ער האָט געהאַט דעם טיטעל פראָפעסאָר און געלעזען פריוואַט פאָרלעזונגען (די בערלינער אוניווערזיטעט איז געגרינדעט געוואָרען ערשט נאָך זיין טויט). מיט די געבילדעטע קרייזען פון בערלין איז מאַרקוס הערץ געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען. נאָך דער חתונה הויבט ער אָן אַריינצופיהרען אין דער געבילדעטער וועלט זיין יונגע פרוי.

און דאָ ציינען זיך שוין אַרויס ביי הענריעטא'ן איהרע פעהיגקייטען צו גייסטיגער אַרבייט און געזעליגען לעבען. איהר שעהנהייט, איהר שכל, איהר איידעלקייט, איהר טאַלאַנט מאַכען זי פאר'ן צענטער פון דער בעסטער געזעלשאַפט. אין אַ קורצער צייט נאָך דער חתונה ווערט הערץ'ס הויז דער פערזאַמלונגס־פּלאַץ פון קולטורעלען בערלין. הענריעטא איז די העלפערין פון איהר מאַן. ער לעזט נאַטורוויסענשאַפטליכע פאָרלעזונגען מיט עקספּערימענטען, זי העלפט איהם אין די עקספּערימענטען. זי איז אַן אקטיווער מיטגליעד פון די לעזע־געזעלשאַפטען, וואו עס ווערט פאָרגעלעזען די נייע ליטעראַטור — די וויסענשאַפטליכע און די קינסטלערישע. הענריעטא ווערט אין א קורצער צייט זעלבסטשטענדיג — איהר גייסטיגע ריכטונג ווערט באַלד אַ גאַנץ אַנדערע, איידער ביי איהר מאַן, איהר לעהרער.

מאַרקוס הערץ געהערט צו דער ראַציאָנאַליסטישער ריכטונג אין דייטשלאַנד (ראַציא— פערנונפט), וואָס ערקלערט די וויסענשאַפט און דאָס לעבען דורכ'ן שכל, פערנונפט. אין די זיעבציגער יאָהרען פון 18טען יאָהרהונדערט גרינדעט זיך אָבער אין דייטשלאַנד אַ נייע שולע אין דער וויסענשאַפט און אין דער קונסט, — אַ נייע ריכטונג, וואָס לעגט זעהר גרויסען געוויכט גראַדע אויפ'ן געפיהל. די פאָרשטעהער פון די ביידע ריכטונגען פערשטעהען זיך ניט: הענריעטא איז בעגייסטערט פאר דער נייער שולע. איהר מאַן און זיינע פריינד בעציהען זיך פיינדליך צו דער לעצטער. ווען איינער פון די אידישע טהוער אין בערלין, פריעדלענדער, בעט הערצען צו ערקלערען איהם אַ שטעלע אין געטהעס אַ געדיכט, ענטפערט הערץ: „געהט צו מיין פרוי, זי פערשטעהט די קונסט יעדען אונזין צו ערקלערען“.

דאָך, ביי הענריעטען אין הויז האָבען זיך די פאָרשטעהער פון די ביידע ריכטונגען געפיהלט גוט. הענריעטא האָט פערשטאַנען אַלערליי מענשען פערזענליך צו פעראייניגען. מיט איהר ליעבע צו מענשען האָט זי געקאָנט פעראייניגען די פערשיעדענסטע ריכטונגען, די פערשיעדענסטע נאַציאָנאַליטעטען. אין איהר הויז האָבען זיך געפיהלט איינייג אַ איד, אַ דייטש, א פראַנצויז און אַן ענגלענדער. כדי זי זאָל זיך קענען בעגעגענען מיט מענשען פון פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען און כדי זי זאָל גרינדליך פערשטעהן די אַלגעמיינע ליטעראַטור, האָט זי געלערנט פיעל שפּראַכען און האָט בעוויעזען דאָ אַ גרויסען טאַלאַנט. פון די אַלטע שפּראַכען האָט זי געקענט העברעאיש, גריכיש, לאַטיין; פון די נייע, זעלבסטפערשטענדליך, איהר מוטערשפּראַכע דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, איטאַליעניש, שפּאַניש און שוועדיש. אויף דער עלטער האָט זי זיך אויסגעלערנט טערקיש. נאָר צוליעב געזעליגקייט און ליטעראַטור־קענטניסע האָט זי געלערנט די שפּראַכען; זי האָט ניט געמאַכט פון איהרע שפּראַכקענטניסע קיין אַנדער געברויך. איין מאָל נאָר האָט זי איבערזעצט 2 ענגלישע נאָוועלען אין דייטש, ווייל זי האָט געדאַרפט האָבען געלד אויף העלפען חתונה צו מאַכען אַן אָרימע קרובה.

הענריעטא זאָגט אין איהרע עראינערונגען, דאָס עס איז ניט געווען אין בערלין קיין בעדייטענדע פערזענליכקייט, וואָס זאָל ניט בעזוכען זייער הויז. מיט פיעלע פון זיי איז זי געשטאַנען אין נעהענטערע פערזענליכע בעציהונגען. וויכטיג איז געווען איהר פערהעלטניס צו שלייערמאַכער'ן און צו בערנען.

שלייערמאַכער איז געווען אַ געפיהלסמענש, פאר וועלכען די מענשליכע נשמה שפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָלע. יעדער מענש האָט פאר איהם געהאַט אַ בעדייטונג, ווייל ער טראָגט אין זיך אַן אייגענע וועלט, אַ פערשיעדענע פון דער אינערער וועלט פון דעם אנדערן מענשען. פיעלע אָבער, דערשלאָגענע פון לעבען, האָבען ניט די מעגליכקייט זייער אינדיווידואליטעט צו ענטוויקלען. און אָט אויפצוהויבען דאָס אינדיווידועלע בעוואוסטזיין — דאָס איז געווען פאר שלייערמאַכער'ן דאָס וויכטיגסטע. אין דיעזען

זין האט ער געווירקט אלס פריעסטער, פראפעסאר, רעגיערונגס־בעאמטער, שריפטשטעלער, טעאלאג און פילאזאף. שלייערמאכער אבער איז געוועזן צו גלייכער צייט א געפיהלס־מענש און א פפליכט־מענש. דער איינצעלנער, זאגט ער, מוז זיך מיט דעם כלל רעכענען. די הארמאניע צווישען די האנדלונגען פון דעם איינצעלנען און דעם כלל איז פאר איהם געוועזן דער אידעאל. שלייערמאכער און הענריעטא זיינען געוועזן, הייסט דאס, פערוואנדטע נאטורען — זיי זיינען ביידע געפיהלסמענשען און אין דערזעלבער צייט פפליכטמענשען, זיי זיינען ביידע הארמאנישע נאטורען. שלייערמאכער בעקענט זיך מיט הענריעטען; ער איז שוין דאן געוועזן א בעריהמטער און בעוואוסטער פריעסטער. דער געפיהלסמענש שלייערמאכער נויטיגט זיך אין אומגאנג מיט פרויען, וועלכע זיינען אפט פעהיגער צו פערשטעהען דאס געפיהלסלעבען, ווי די מענער.

אין הענריעטען האט ער געפונען א גייסטרייכע פרוי און א פערוואנדטע נאטור. דאס פעראייניגט זיי; זיי ווערען אין א קורצער צייט אינטימע פריינד. שלייערמאכער שרייבט איין מאל צו הענריעטען: „אהן דיך בין איך ניט מעהר איך“, און דאס איז אמת. הענריעטא, וועלכע האט געהאט די פעהיגקייט צו בעמערקען אין א מענשען זיינע פערבארגענע קרעפטען, האט געזעהען אין שלייערמאכער'ן א וויסענשאפטליכען און שריפטשטעלערישען טאלאנט, און זי האט דאס אין איהם געוועקט. קענענדיג זיין כאראקטער, האט זי אבער אויך פערשטאנען, אז ער איז א געבארענער פריעסטער און פרעדיגער. „דו אליין — קלאגט ער זיך איין מאל — פארשטעהסט, אז איך מוז זיין א פריעסטער“. זי האט איהם בעקאנט געמאכט מיט די פערזענליכקייטען, וועלכע האבען געשפיעלט אזא גרויסע ראלע פאר זיין גייסטיגער ענטוויקלונג.

ער דערצעהלט איהר זיינע איבערלעבונגען, זיינע וויסענשאפטליכע פלענער. זי לערנט איהם איטאליעניש, ער לערנט זי גריעכיש. זיי לעזען צוזאמען פלאטאנען, געטהעס נייעס ווערק „ווילהעלם מייסטער“. זיי שטודירען צוזאמען פערשיעדענע וויסענשאפטען. אז ער מוז אבפאהרען פון בערלין, שרייבט ער איהר טעגליך: ער טיילט איהר מיט די געדאנקען און דעם גאנג פון זיין ערשטער וויסענשאפטליכער ארבייט: „די רעדען איבער רעליגיאן“. ער שרייבט איהר וועגען זיין פלאטאן־איבערזעצונג (ער איז דער בעסטער דייטשער פלאטאן איבערזעצער). זי איז די פערטרויטע פון זיין אונגליקליכער ליעבע. אין זייערע פערהעלטניסען איז ניט געוועזן קיין סימן פון ליידענשאפט — עס איז געוועזן א ריין פריינדשאפטליכעס פערהעלטניס.

הענריעטא'ס פערהעלטניס צו שלייערמאכער'ן איז אין יענער צייט פיעל בעשפראכען געווארען, פיעל אויסגעלאכט. עס זיינען ערשיענען אין בערלין קאריקאטורען, וועלכע האבען געשילדערט, ווי די הויכע הערץ טראגט דעם קליינען שלייערמאכער'ן אין א געשטריקטער האנדבייטעל. דאס פערהעלטניס צווישען זיי האבען זייערע אינטימסטע פריינד ניט פארשטאנען. די העכערע גלחים איז ניט געפעלען, אז א פראטעסטאנטישער פריעסטער זאל זיך אזוי אפט בעגעגענען מיט א אידישער פרוי. דאס פערהעלטניס צו הענריעטאן און אנדערע חטאים האבען פעראורזאכט, דאס שלייערמאכער איז ארויסגעשיקט געווארען פון בערלין.

לודוויג בערנע, דער בעריהמטער דייטשער זשורנאליסט (ער איז געוועזן א איד, אבער ער האט זיך גע'שמד'ט), האט שטודירט אין בערלין מעדיצין און געוואוינט אלס סטודענט אין הערץ'ס הויז. דער סטודענט בערנע האט ניט געצייגט קיינע בעזונדערע פעהיגקייטען. מיט מעדיצין האט ער זיך כמעט גארניט בעשעפטיגט — אויך ניט מיט אנדערען וויסענשאפטען. אין הערצ'ס הויז, וואו עס איז געוועזן אזוי פיעל אנרעגונג, איז ער געבליעבען גלייכגילטיג צו אלעם. ער איז קיינעם ניט געפעלען געווארען. נאר דער מענשענקענער הענריעטא האט דערשפירט אין איהם א פערבארגענעם טאלאנט. זי האט דאס אלע מאל וויעדערהאלט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מען האט זי אויסגעלאכט.

לודוויג בערנע האט געפיהלט צו הענריעטען א גרויסע ליידענשאפט. א לאנגע צייט האט זי פון דעם ניט געוואוסט. צוויי מאל האט ער געמאכט א פערזוך צו פערגיפטען זיך, און צופעליג האט זי זיך דערפון דערוואוסט. זי האט איהם דאן געצוואונגען, אז ער זאל אוועקפאהרען פון בערלין. ער האט איהר געלאזען זיין טאגעבוך, וואו ער שילדערט די ליעבע צו איהר. דא בעווייזט זיך שוין זיין פאעטישער טאלאנט. (זיין טאגעבוך האט **הענריעטא פערניכטעט**). ער פאהרט נאך האלע, פון וואנען ער שרייבט זיך דורך מיט הענריעטען. ער טהוט זיך אן א כוח זיין ליידענשאפט איינצוצוימען. זי סטארעט זיך אויך צו בעוועגען איהם צו ארבייטען. אויך שלייערמאכער, וועלכער איז דאן פראפעסאר אין האלע, בעמיהט זיך צו ווירקען אויף איהם. דער פראפעסאר אבער זעהט ניט אין דעם יונגען בערנע קיינע בעזאנדערע פעהיגקייטען און צו זיין פאסיוויטעט בעציעהט ער זיך פיינדליך. שלייערמאכער קעהרט זיך אפ פון בערנען. הענריעטא אבער הערט ניט אויף צו גלויבען אין בערנע'ס

טאַלאַנט. און, ווי מיר אַלע ווייסען, האָט זי ניט געהאַט קיין טעות.

נאָך איהר מאַן'ס טויט איז זי געבליעבען אין אַ שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע און האָט געזוכט אַ שטעלע אַלס ערציהערין. מען האָט איהר איינגעלאַדען אַלס ערציהערין פֿון דער פּרינצעסין שאַרלאַטטאַ, די קינפֿטיגע רוסישע קייזערין, די פֿרוי פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטען. מען האָט אָבער געפֿאָדערט, אַז זי זאָל זיך שמד'ען. זי האָט עס אָבער ניט געוואָלט טהאָן, כדי ניט צו פֿערשאַפֿען שמערצען איהר מוטער. מען בערופֿט זי אַלס ערציהערין צו נאַפּאָלעאָנס ניכטע, מען פֿערלאַנגט אָבער זי זאָל ענדערען איהר פֿאַמיליע אויף אַ פֿראַנצויזישע — זי זאָגט זיך אָב. זי וויל פֿון דייטשלאַנד אָבפֿאָהרען און זוכען אַ שטעלע אין פֿראַנקרייך אָדער אין רוסלאַנד. איהר פֿריינד הומבאָלדט, דער בעריהמטער געלעהרטער און ערציעהונגס־מיניסטער, האָט עס ניט דערלאָזען. ער האָט געוואָלט דורכאויס, אַז זי זאָל בלייבען אין דייטשלאַנד. זיין ארגומענט איז געווען: „מיר וועלען פֿערליערען די בעסטע מענשען אין אַזאַ צייט, ווען מיר האָבען שוין אין קריעג אַזוי פֿיעל פֿערלאָרען"

זי בלייבט אין דייטשלאַנד און אונטערריכטעט ביי איהרע פֿריינד. נאָך דעם מאַן'ס טויט פֿיהרט זי ווייטער אַ געזעליגעס לעבען, ניט קוקענדיג אויף איהר שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע. די לעצטע יאָהרען פֿון איהר לעבען בעקומט זי אַ פּענסיאָן פֿון דעם קעניג, וועלכער איז אַלס פּרינץ געווען איינער פֿון די בעזוכער פֿון איהר סאַלאָן.

הענריעטא איז אויך געווען פּאָפּולער צווישען די אַרימע קלאַסען, וואו זי האָט געווירקט. זי האָט געלערנט אָרימע מיידלאַך שפּראַכען און האָט פֿאַר זיי געפֿונען שטעלען. דאָס איז געווען בעוואוסט אין שטאָדט. אַ מיידעל איז איין מאָל צו איהר אַריינגעקומען און געפֿרעגט: „וואוינט דאָ די האָפֿרעטין הערץ, וואָס פֿאַרדינגט מיידלאַך?"

נאָך איהר מוטער'ס טויט האָט זי, ליידער, זיך געטויפֿט. דאָס איז ווידער געטהאָן געוואָרען אונטער'ן איינפֿלוס פֿון שלייערמאַכער'ן. זי האָט זיך געטויפֿט רוהיג, אָהן פֿאַראַד, ווייל זי האָט ניט געוואָלט בעליידיגען די נאַציאָנאַלע געפֿיהלען פֿון איהרע אידישע פֿריינד.

פֿון אַלע ערקלערונגען איבער איהר שמד*), שיינט מיר, איז ריכטיג נור די ערקלערונג פֿון איהר ביאָגראַף, בערג. ער זאָגט, אַז דער געגענזאַץ צווישען דער אידישער און דער קריסטליכער קולטור האָט זי געצוואונגען צוזאַמען מיט דער קריסטליכער קולטור אָנצונעהמען אויך די קריסטליכע רעליגיאָן. איך גלויב, אַז חוץ דעם דאַרף מען נאָך נעהמען אין אַנבעטראַכט פֿאָלגענדעס: הענריעטא האָט זיך געטויפֿט אין אַ צייט, ווען דאָס רעליגיעזע לעבען האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. אין אַ צייט פֿון רעליגיעזען אינדיפֿערענטיזמוס וואָלט זי געקאָנט זיין אַן אנהענגערין פֿון דער קריסטליכער קולטור און דאָך בשום אופֿן ניט שמד'ן זיך.

*) איבער דער שמד־עפּידעמיע פֿון יענער צייט וועל איך אויספֿיהרליך רעדען אין די ווייטערדיגע אַרטיקלען.

בנציון רובשטיין

דער פּוילישער באָיקאָט אין גאַליציען

אויב אונטערן נאָמען „עקאָנאָמישער באַיקאַט" זאָל מען פֿערשטעהן די אַלע ווילדהייטען און מעשים תעתועים וואָס טהוען זיך אָב אין רוסיש־פּוילען, דאַן איז אין גאַליציען קיין עקאָנאָמישער קאַמפּף געגען אידען נישטאָ. אמת, די שענק־גבורים פֿון קרוין־פּוילען האָבען זיך נישט איין מאָל געפּרובט אויך אַהער אַריבערצוטראַגען אָט דעם דאָזיגען מין פֿון „פּראָגרעסיווען אנטיסעמיטיזם" פֿון עכט פּוילישען שניט. אין'ם צענטער פֿון דער פּוילישער גאַליציע האָבען די פּוילישע פֿרויען אויף זייער פֿרויען־צוזאַמענפֿאָהר פֿעראייניגט זייער שטימע מיט די העלדען פֿון „דוואַ גראָשאַ" און האָבען גערופֿען די פּוילישע פֿרוי צו שטיצען אָט די דאָזיגע „נאַציאָנאַלע" בעוועגונג. די דאָזיגע אַרבייט האָט אפֿילו פֿון אָנהויב געהאַט גרויס ערפֿאָלג. אין'ם הארצען פֿון'ם פֿאַרהונ־

גערטען גאַליצישען פויער האָט דער קאמפּפס־רוף געפונען אין אַנפאַנג אַן אבקלאַנג, האָט אָבגעפרישט דעם האַס צום אידען, וואָס ס'ווערט געזייט זייט טויזענדער יאָהרען דורך די קאַטוילישע גייסטליכע. און די רעזולטאַטען דערפון האָבען אויף זיך נישט לאַנג געלאָזט וואַרטען. אין א קורצער צייט שפּעטער האָבען די צייטונגען אָנגעהויבען צו ברענגען ידיעות וועגען דער אונרוהיגער שטימונג צווישען די אידען אין די גאַליצישע דערפער א דאַנק דער חוליגאַנישער אויפטרעטונג קעגען זיי מצד די פאַנאַטישע פּינסטערע פויערים. פיעלע אידישע משפּחות האָבען שוין אפילו געמוזט פערלאָזען זייער האָב און גוטס און איבערפּעקלען זיך אין די נאהענטע שטעדט. עס האָבען אויך נישט געפעהלט קיין אַנפאַלען אויף אידען אין די שטעדט. אין איינעם פון די שעהנסטע גאַרטענס פון קראָקוי איז די פּוילישע „פּראָגרעסיווע" שטודירענדע יוגענד בעפאַלען די חסידיש געקליידעטע אידען און מיט זלזולים און מיט שטעקענס האָט מען זיי געצוואונגען צו פערלאָזען דעם גאָרטען. אָבער צום גרויסען בעדויערן פון די עכט־פּוילישע פּאַרטייען האָט זיך דער באָדען פון גאַליציען אַרויסגעוויזען נישט בעזונדער גינסטיג פאַר דער דאָזיגער עכט־פּוילישער פּרי. סוף כל סוף איז דאָך פּאַרט גאַליציען א טייל פון'ם קאָנסטיטוציאָנעלען עסטרייך, און, ווילענדיג אָדער נישט־ווילענדיג, האָבען די פּאָלאַקען ניט געקענט האַנדלען דאָ אַזוי אָפען און פרעך. די גאַליצישע רעגיערונג — כאָטש זי געפינט זיך אין גאַנצען אין די הענד פון די פּאָלאַקען, האָט זיך אָבגעזאָגט צו שטיצען די „אַקטיווע" אַרויסטרעטונג געגען די אידען און אָהן דער הילף פון'ם פּאָליציי־צירקעל פערלירען דאָך די פּוילישע שוואַרץ־מאה'ניקעס אין גאַנצען זייער גבורה.

עס איז דאָ נאָך א סבה וואָס האָט א ביסעל איינגעצאַהמט דעם מיגנישען־פּרעסערישען נאַציאָנאַליזם: די אידען אין גאַליציען בילדען כמעט 11 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, זיינען אין א בעדייטענדער מאַס קאָנצענטרירט אין די שטעדט און א דאַנק דעם בילדען זיי א גרויסע פּאָליטישע מאַכט. זייער וואהל־שטים האָט א בעדייטענדע פּאָליטיש ווערט און דאָס צווינגט די פּוילישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען אָפט געצוואונגען זיך צו שטיצען אויף די אידישע מאַסען, צו מאַסקירען זייער אמת'ן אַנטיסעמיטישען פּנים. זיי וואַגען נישט אָפען אַרויסצוטרעטען געגען די אידען.

אין אמת'ן אָבער פיהרט זיך אין קיין לאַנד נישט דער קאַמפּף געגען אידען מיט אַזאַ פערביסענקייט און אויסגעהאַלטענקייט ווי אין גאַליציען. דער באָיקאָט געגען די אידען ווערט געשטיצט פון דער רעגיערונג און דורכגעפיהרט אין לעבען סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש. און דאָס ווערט געטהון אין גאַליציען מעהרסטענטייל שטילערהייד, אָהן שרייענדער אגיטאַציע פון „סוואַי דאָ סוועגאָ" און דעריבער טאַקי איז די דאָזיגע בעוועגונג פאַר אונז נאָך פיעל געפעהרליכער.

* * *

רעדט מען וועגען באיקאַט אין גאַליציען, מוז מען אונטערשיידען די ביידע טיילען — מזרח און מערב—גאַליציען; די שטאַרקייט, די מעטאָדען ווי אויך די מאָטיוון פון'ם קאַמפּף קעגען די אידען זיינען דאָ נישט איינע און די זעלבע. מערב־גאַליציען איז אַן עכט פּוילישע געגענד און לויט דעם הויכען פּראָצענט פון דער פּוילישער בעפעלקערונג פערנעמט זי דעם ערשטען פּלאַץ צווישען אַלע טיילען פון'ם אמאָליגען גרויסען פּוילישען קעניגרייך. לויט דער לעצטער פאָלקס־צעהלונג פון יאָהר 1910 איז די בעפעלקערונג פון מערב־גאַליציען בעשטאַנען פון*)

רוימיש־קאַטוילישע	2.384.289	אָדער	88.5%
אידען	213.269	אָדער — — — —	7.9%
גריכיש־קאַטוילישע (רוטענער)	87.233	אָדער — — — — — — —	3.2%

די פּאָלאַקען בילדען, אַלזאָ, אין מערב־גאַליציע בערך 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. די רוטענישע בעפעלקערונג איז הויפּטזעכליך קאָנצענטרירט אין די בעצירקען, וואָס גרעניצען מיט מזרח־גאַליציען. די פּאָלאַקען זיינען, אַלזאָ, די איינציגע בעלי־בתים און זייער פּאָליטישער הערשאַפט דראָהט דאָ נישט קיין שום סכנה. דער קאַמפּף געגען די אידען טראָגט דעריבער א ריין עקאָנאָמישען כאַראַקטער: די איבערבעפעלקערונג פון די מערב־גאַליצישע דערפער זוכט אַן אנווענדונג פאַר איהרע קרעפטען אין די שטאָדטישע אינדוסטריען און בעזונדער אין'ם האַנדעל, מיט וועלכען עס האָבען זיך ביז איצט בעשעפטיגט אויסשליסליך די אידען. ווי געזאָגט איז מערב־גאַליציען — אויב מען זאָל נישט רעכענען די אידען — אַן איינהייטליך פּויליש לאַנד און דער עקאָנאָמישער קאַמפּף קעגען די אידען קומט דאָ פאַר אין אַן אטמאָספערע פון פּויליש־נאַציאָנאַלער סימפּאַטיע. דאָס פערשטאַרקט די פּאָזיציעס פון'ם פּוילישען סוחר און בעל־מלאכה און ביי גלייכע בעדינגונגען און פעהיגקייטען מוז דער פּוילישער סוחר אָדער האַנדווערקער אבהאַלטען א נצחון איבער זיין אידישען קאָנקורענט.

בעזונדערס שטאַרק איז די קאָנקורענץ פון די פּאָלאַקען אין'ם דאָרפישען קליין־האַנדעל,

*) גענומען בלויז די הויפּט נאַציעס.

וואָס פאָדערט נישט קיין ספּעציעלע קענטניסען אָדער פעהיגקייטען, ווי אויך אין דער דאָרפי־שער קליינער נישט קאַפּיטאַליזירטער מלאכה, וואָס אַרבייט אויסשליסליך אויפ׳ן פּערזענליכען בעשטעלער.

דער מערב־גאַליצישער דאָרף האָט שוין בכלל לאַנג אָנגעוואָרען די פעהיגקייט אויפצו־האַלטען זיין גאַנצע בעפעלקערונג און אויך די פּוילישע בעפעלקערונג איז דעריבער געצוואונ־גען צו עמיגרירען פון דאַנען אין אַ גאַנץ גרוי־סער מאָס, אָבער דאָך איז די אויסוואַנדערונג ביי די פּאָלאַקען פיעל שוואַכער איידער ביי די אידען. לויט די לעצטע פאָלקס־צעהלונג האָט זיך די דאָרפישע בעפעלקערונג פון מערב־גאַ־ליציען אנטוויקעלט אויף פאָלגענדען אופן:

יאָהרען	ניט־אידישע בעפעלקערונג: אבסאָלוט צאָהל	ניט־אידישע בעפעלקערונג: אין פראָצענט	אידישע בעפעלק.: אבסאָלוט צאָהל	אידישע בעפעלק.: אין פראָצענט
1880	1.705.897	—	64.354	—
1890	1.877.554	10.1	69.888	8.6
1900	2.018.633	7.5	65.633	6.1
1910	2.088.309	3.5	61.549	6.2

ווי עס איז צו זעהן פון דער דאָזיגער טאַ־בעלע איז דער פאַקטישער צו־וואוקס פון דער דאָרפישער בעפעלקערונג אויך ביי די פּאָלאַקען זעהר אַ ניעדריגער, פיעל קלענער איידער דער נאַטירליכער, און דאָס ווייזט בלי ספק אויף אַ שטאַרקער פּוילישער אויסוואַנדערונג פון׳ם דאָרף, אָבער די דאָזיגע אויסוואַנדערונג פער־כאַפּט אפילו נישט דעם גאַנצען נאַטירליכען צו־וואוקס און די דאָרפישע בעפעלקערונג פערגרע־סערט זיך אבסאָלוט פון יאָהרצעהנט—צו יאָהר־צעהנט, בשעת ביי די אידען האָט די אויסוואַנדערונג געבראַכט אפילו צו אַן אבסאָלוטער פערקלענערונג. דעריבער דאַרף מען נאָך אויך געדענקען, אַז צוזאַמען מיט דער ווירטשאַפטליכער אנטוויקלונג פון׳ם דאָרף שטייגט אויך זיין דורכשניטליכע געברויך־פע־היגקייט און עס פערגרעסערט זיך די נאָכפרא־גע אויף דער אַרבייט פון׳ם הענדלער און בעל־מלאכה. אַזוי אַז די אידען וואָלטען געדאַרפט עמיגרירען אין אַ בעדייטענד קלענערער מאָס, ווען זיי וואָלטען געקענט איינהאַלטען זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין די דער־פער אַלס הענדלער און בעלי מלאכות, ווען זיי וואָלטען נישט געוואָרען פון די דאָ־

זיגע צווייגען פערדרענגט מצד די פּאָלאַקען.

אויך אין מזרח־גאַליציען איז צו בעמער־קען אַ שטאַרקע פערדרענגונג פון די אידען פון דעם קליינעם האַנדעל און מלאכה, אָבער דאָ זיינען די מעטאָדען, וועלכע מען ווענדעט אָן קעגען אידען אַנדערע און אויך דער קאַמפּף זעלבסט טראָגט אין אַ געוויסער מאָס אַן אַנדער כאַראַקטער. אין מזרח־גאַליציען איז ניטאָ די נאַציאָנאַלע איינהייטליכקייט מיט וועלכער עס צייכענט זיך אויס מערב־גאַליציע. לויט דער פאָלקס־צעהלונג פון יאָהר 1910 איז געווען אין מזרח־גאַליציען:

רוימיש קאַטוילליש (פּאָלאַקען) 1.350.856 אָדער 25.5 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעל־קערונג.

גריכיש קאַטוילליש (רוטענער) 3.291.218 אָדער 61.7 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעל־קערונג.

אידען 659.706 אָדער 12.4 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג.

כאָטש רוטענער בילדען אין מזרח־גאַלי־ציען די מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג, דאָך זיינען זיי ניט די מאַכטהאַבער פון׳ם לאַנד. אויך דאָ געפינט זיך די רעגיערונג דערוויילע אויסשליסליך אין די הענד פון די פּאָלאַקען, וועלכע בילדען דאָ אונגעפעהר ¼ פון דער גאַנ־צער בעפעלקערונג. די רוטענער זיינען אַן עכט פּויערישע פאָלק און ניין צעהנטעל פון זיי לעבט פון לאַנדווירטשאַפט. אין האַנדעל בעטייליגען זיי זיך כמעט גאָרנישט און אין אינדוסטריע נעמען זיי אַן אונבעדייטענדען אנטייל, אַלס נישט קוואַליפיצירטע אַרבייטער.

אויף וויפיעל דער פּוילישער סוחר וויל ארויסרייסען ביי זיין אידישען קאָנקורענט דעם פּוילישען קאָנסומענט איז זיין לאַגע אויך דאָ אין מזרח־גאַליציען נישט ערגער, ווי אין מערב־גאַליציען, אָבער די לאַגע ענדערט זיך באַלד, ווי נאָר דער פּוילישער סוחר טרעט אריין אין קאַמפּף מיט׳ן אידישען קאָנקורענט פאַר׳ן פרעמד־נאַציאָנאַלען רוטענישען קאָנסומענט. דאָ קען שוין די נאַציאָנאַלע מאַסקע זעהר װעניג העלפען און דער קאַמפּפס־געשריי „סוואָי דאָ סוואָגאָ“ פערלירט אין גאַנצען זיין צויבער־קראַפט. דער רוטענישער קאָנסומענט, וואָס ליידט נאָך עד היום אַזוי שטאַרק אונטער׳ן יאָך פון דער פּוילישער הערשאַפט, קען זעלבסט־פערשטענדליך נישט פיהלען קיין בעזונדערע סימפּאַטיע פאַר דעם פּוילישען סוחר. בעזונ־דערס נאָך איצט, בעת דאָס נאַציאָנאַלע בע־וואוסטזיין פון די רוטענער איז אויפגעוועקט געוואָרען און דער קאַמפּף צווישען די רוטענער און פּאָלאַקען האָט אָנגענומען אַזאַ שאַרפען כאַ־ראַקטער. די נאַציאָנאַל־בעוואוסטזיניגע רוטע־

נישע עלעמענטען פערשטעהען גאנץ גוט, אז יע־דער צוגעקומענער פוילישער סוחר בעדייט אין דער זעלבער צייט די פערשטארקונג פון דער פאליטישער מאכט פון דער פוילישער שליאכטע אין מזרח־גאליציען. דעריבער טאקי אויב די דאזיגע נאציאנאל־בעוואוסטזיניגע מאסען זאלען דארפען אויסוועהלען צווישען דעם פוילישען און אידישען סוחר, וועלען זיי אהן ספק די בכורה געבען דעם אידען. די לאגע פון'ם אי־דישען קליינעם סוחר וואלט דא אין מזרח־גא־ליציען געווען א גאנץ גינסטיגע — ביז וואנען די מאיאריטעטס־בעפעלקערונג—די רוטענער—וועלען נישט אויסטיילען פון זיך גופא קיין אייגענעם האנדעלס־ און האנדווערקער קלאס— און דער פוילישער סוחר וואלט איהם נישט קע־נען בעזיעגען, ווען דער קאמפף וואלט געווען א פרייער און וואלט פארגעקומען ביי גלייכע בעדינגונגען פאר ביידע קעמפפענדע צדדים.

דער אונגליק איז אבער, וואס דער קאמפף צווישען דעם פוילישען און אידישען הענדלער האט דא אין מזרח־גאליציען אנגענומען א פא־ליטישען כאראקטער. די פוילישע מאכט־האבער האבען שוין לאנג פערשטאנען, אז די ווייטערדיגע נצחונות פון דער דעמאקראטיע וועט סוף כל סוף מאכען אן ענדע אין מזרח־גא־ליציען צו דער דעספאטישער הערשאפט פון דער פוילישער מינאריטעט איבער דער רוטעני־שער מאיאריטעט. זייער הויפט ציעל איז אל־זא געווארען „ענטרוטעניזירען" (צו פעררדרענ־גען די רוטענער) מזרח־גאליציען און פערשטאר־קען דא דעם פוילישען עלעמענט. די זעלבע מיטלען, וואס די דייטשען נעמען אן געגען דעם פוילישען בעזיצשטאנד אין פויזען, נעמען אן די פאלאקען געגען דעם רוטענישען בעזיצ־שטאנד אין מזרח־גאליציען. די רעגיערונגס־באנק קויפט אב פערשיעדענע לענדערייען אין מזרח־גאליציען און סטארעט זיך זיי צו פאר־טיילען צווישען פוילישע פויערים — אפיציעל הייסט עס צו פערטיילען צווישען „פויערים", פאקטיש צווישען „פוילישע פויערים" — און אויף אזא אופן העלפט מען קינסטליך אריינצו־דרינגען דעם פוילישען עלעמענט אין דעם רו־טענישען גאליציען.

די פאלגען פון אט דער דאזיגער פאליטיק איז די שוין 30 יאהר דויערנדע פוילישע איינ־וואנדערונג קיין מזרח־גאליציען, גלייכצייטיג מיט א רוטענישער אויסוואנדערונג פון דאנען. בעזונדער שטארק איז געוועזן די פעררדרענגונג פון די רוטענער אין'ם לעצטען יאהר־צעהנדליג. א גאנצע רייה מזרח־גאליצישע בעצירקען (בוטשאטש, צלט זאמבאר, זאמבאר קאלאמעא, טארנאפאל און פיעלע אנדערע) האבען געגע־בען אין די לעצטע צעהן יאהר אן אונגעהויער גרויסע אויסוואנדערונג און אין דער זעלבער

צייט איז געווען א צו־וואנדערונג פון פאלאקען. די זעלבע שטרעבונג פון די פוילישע מאכטהאבער צו פערשטארקען דעם פוילישען עלעמענט אין מזרח־גאליציען צווינגט די גא־ליצישע רעגיערונג אקטיוו אריינמישען זיך אין'ם קאמפף צווישען אידישען און פוילישען סוחר, כדי צו געבען דעם פוילישען סוחר די אויבער־האנד איבער זיין אידישען קאנקורענט. און זעלבסטפערשטענדליך, צערעמאניעט מען זיך מיט'ן אידען נאך פיעל ווייניגער איידער מיט'ן רוטענער. מען זאגט אב דעם אידען אין קרע־דיט, אפילו ווען ער איז קרעדיטפעהיג וכל־הדעות — אין'ם בעסטען פאל פערקלענערט מען דעם קרעדיט ביז'ן לעצטען מינימום. מען זאגט זיך אב צו געבען וואסערע נישט איז שטיצע די אידישע חברות פאר געגענזייטיגע הילף און צו דערזעלבער צייט איז מען זעהר פרייגיביג בנוגע צו די קריסטליכע (לעז פוילישע) סוחרים, ווי אויך צו זייערע פערשיעדענע חברות.

כדי צו פערשטארקען דעם פוילישען עלע־מענט אין מזרח־גאליציען נוצט נאך אויס די ארטיגע רעגיערונג — און זי איז דאך דערוייל עכט־פויליש — דעם אדמיניסטראטיווען אפא־ראט, וואס געפינט זיך אין איהרע הענד: כמעט אלע עמטער ווערען בעזעצט מיט פאלאקען. און אויב בנוגע צו די רוטענער מוזען די פאלאקען איצט מאכען פון צייט צו צייט וואסערע ניט איז הנחות, פיהרען זיי אבער דורך דעם דאזיגען „נאציאנאלען" פרינציפ מיט דער גרעסטער אויסגעהאלטענקייט בנוגע צו די אידען. קיין איינציג פרייע לאנד ווייסט נישט פון אזא פער־העלטניסמעסיג קליינער צאהל אידישע בע־אמטע ווי גאליציען. איך צווייפעל זעהר צו וועט זיך געפינען אין גאנץ גאליציען א פאאר אידישע ריכטער. פון העכערע בעאמטע איז אבגערעדט. — אז אויך דא אין מזרח־גאליציען ווערען די אידען שטארק פעררדרענגט און דוקא מצד די פאלאקען, וועט אמ'בולט'עסטען קלאר ווערען פון פאלגענדער טאבעלע, וואס צייגט די ענטוויקלונג פון דער בעפעלקערונג אין די מזרח־גאליצישע שטעדלאך נאך די נאציאנא־ליטעטען.

יאהר־צעהנטען	פעלקערפלאץ מזרח - גאליציען פעלקערונג אין ר וואוקס פון דער פ ר באפעלקערונג			דער נאטירליכער צו־וואוקס אין'ם גאנצען לאנד		
	איד.	פוילען	רוט.	איד.	פוילען	רוט.
1881—1890	10.1	14.2	12.5	17.3	—	—
1891—1900	0.3	16.2	12.9	19.6	15.1	14.1
1901—1910	4.0	23.1	10.0	18.2	16.3	15.9

ווי עס איז צו זעהן פון דער דאָזיגער טאַבעלע, האָבען די אידען און די רוטענער (אין משך פון די צוואַנציג יאָהר) געהאַט אַ פּאַקטישען צו־וואוקס פיעל קלענער איידער זייער נאַטירליכער צו־וואוקס, דאָס הייסט, אַז דאָס מזרח־גאַליצישע שטעדטעל האָט געגעבען אין משך פון דעם דאָזיגען פעריאָד אַ זעהר שטאַרקע אידישע און רוטענישע אויסוואַנדערונג. אין דער זעלבער צייט אָבער איז ביי די פּאָלאַקען אין משך פון דער גאַנצער צייט געווען דער פּאַקטישער צו־וואוקס העכער איידער דער נאַטירליכער. בעזונדער שטאַרק איז געווען דער וואוקס פון דער פּוילישער בעפעלקערונג אין'ם מזרח־גאַליצישען שטעדט'ל אין די לעצטע צעהן יאָהר, כמעט אַנדערהאַלבען מאָל שטאַרקער איידער דער נאַטירליכער צו־וואוקס און דאָס בעדייט, זעלבסטפערשטענדליך, אַז די פּוילישע בעפעלקערונג וואַקסט דאַ דורך איינוואַנדערונג. אָבער דאָס מזרח־גאַליצישע שטעדטל איז בכלל איבערבעפעלקערט, קיין פרייער פּלאַץ איז דאָ נישטאָ, און די פּאָלאַקען קענען אַהער אַריינדרינגען נאָר ארויסשטופענדיג די אנדערע פעלקער. ווי עס איז צו זעהן פון דער געבראַכטער טאַבעלע איז דער פּאַקטישער צו־וואוקס פון די אידען אמקלענסטען, און דאָס בעדייט, אַז די אידען ווערען אמשטאַרקסטען אַרויסגעשטופּט מצד די פּאָלאַקען.

* * *

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז אויך אין גאַליציען קומט פאָר אונאונטערבראָכען זייט די לעצטע דרייסיג יאָהר אַ שטילער אָבער זעהר ערפאָלגרייכער קאַמפּף קעגען דעם אידישען האַנדעל און מלאכה, וואָס האָט געבראַכט צעהנדליגער טויזענד אידישע משפּחות צו אַן עקאָנאָמישען חורבן און האָט געצוואונגען כמעט אַ ¼ מיליאָן אידען צו נעהמען זיך פאַר'ן וואַנדער־שטעקען און זוכען אַ שטיקעל ברויט אין דער וויטער אַמעריקא. די הויפּט־טרעגער פון'ם דאָזיגען קאַמפּף קעגען די אידען זיינען אויך דאָ, ווי אין רוסיש־פּוילען, הויפּטזעכליך — אויב נישט אויסשליסליך — די פּאָלאַקען. און יעצט שווימט ממילא ארויף די פּראַגע: צי איז פעהיג די אידישע בעפעלקערונג פון גאַליציען אַרויסצו־ווייזען אַ ווידערשטאַנד דער פּוילישער קליינבירגערליכער בורזשואזיע, ווי אויך דער פּוילישער ביוראָקראַטיע, וואָס שטיצט די דאָזיגע אַנטי־אידישע בעוועגונג?

די טרייב־קראַפט פון דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף געגען די אידען איז אויך אין גאַליציען, ווי אין רוסיש־פּוילען, די שטרעבונג צו שאַפען אַן אייגענעם נאַציאָנאַלען מיטעלשטאַנד, געפינען אַן אנווענדונג פאַר די אויפגעקומענע נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלען. און ווייל די אידישע בורזשואזיע בעדינט אַ נאַציאָנאַל פרעמדען קאָנסומענט, איז דער קאַמפּף־געשריי פון די באַקאַטיסטען געוואָרען „סוואָי דאָ סוואָגאָ", ד. ה. אַז די פּוילישע קאָנסומענטען דאַרפען זיך ווענדען בלויז צו פּוילישע קרעמער און בעלי־מלאכות.

אָבער נישט אומעדום האָט דער קאַמפּף קעגען די אידען, וואָס פיהרט זיך אין גאַליציען שוין זייט דרייסיג יאָהר, געהאַט איינעם און דעם זעלבען ערפאָלג. פערגלייכען מיר די ענטוויקלונג פון דער אידישער בעפעלקערונג לויט די וואוינונגס־פּלעצער, אַזוי בעמערקען מיר, אַז דער פּאַקטישער צו־וואוקס פון דער אידישער בעפעלקערונג אין פּראָצענטען איז געווען אין:

יאָהרצעהנט	שטעדט	שטעדטלאך	דערפער
מזרח־גאַליציען			
1890—1880	+12.0	+10.1	16.5
1900—1890	+12.0	+0.3	+5.8
1910—1900	+17.5	+4.0	+0.3
מערב־גאַליציען			
1890—1880	+7.4	8.2	+8.6
1900—1890	+18.6	5.2	—6.1
1910—1900	+27.7	11.4	—6.2

אַם שוואַכסטען איז געווען דער צו־וואוקס פון די אידען אין די דערפער.

דער אידישער ישוב אין די גאַליצישע דערפער ווערט פערדרענגט פון זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. זעהר שטאַרק איז אויך די פערדרענגונג פון די אידען פון די שטעדטלאך. כאָטש צו קיין אבסאָלוטע פערקלענערונג איז נאָך קיין איין מאָל נישט געקומען, אָבער אין איין יאָהר־צעהנדליג, למשל, 1890—1900, איז פון די מזרח־גאַליצישע שטעדטלאך אויסגעוואַנדערט דער גאַנצער נאַטירליכער צו־וואוקס פון דער אידישער בעפעלקערונג און דער פּראַקטישער צו־וואוקס פון די אידען איז געווען בס"ה 0.3 פּראָצענט. קלענער איז די פערדרענגונג פון די אידען פון מערב גאַליצישע שטעדטלאך, אָבער אויך דאָ איז דער פּאַקטישער צו־וואוקס פון די אידען אין משך פון די גאַנצע דרייסיג יאָהר געווען פיעל קלענער איידער דער נאַטירליכער און פאָלגליך אויך פון דאַנען איז די אידישע אויסוואַנדערונג געווען גאַנץ בעדייטענד (בעזונדערס אין יאַהרצעהנדליג 1890—1900).

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט דער אידישער בעפעלקערונג אין די גאַליצישע שטעדט. אין מזרח גאַליציען איז דער פּאַקטישער צו־וואוקס פון דער שטאָדטישער אידישער בעפעלקערונג געווען בעדייטענד קלענער בלויז אין די ערשטע 20 יאָהר און אין'ם לעצטען יאָהר־צעהנדליג איז שוין דאַ דער פּאַקטישער צו־וואוקס געווען כמעט גלייך מיט'ן נאַטירליכען. נאָך אינטערעסאַנטער איז די ענטוויקלונג פון דער אידישער בעפעלקערונג אין די

מערב־גאליצישע שטעדט. דער פאקטישער צו־וואוקס איז דא געווען קלענער בלויז אין דעם ערשטען יאהרצעהנדליג, אבער שוין אין'ם צווייטען יאהר־צעהנדליג איז דער פאקטישער צו־וואוקס דא אונגעפעהר געווען גלייך מיט'ן נאטירליכען. אין'ם לעצטען יאהרצעהנדליג האט זיך נישט בלויז אבגעשטעלט די אידישע אויסוואנדערונג, נאר די מערב־גאליצישע שטעדט האבען אפילו אנגעהויבען צוצוציהען די אידישע בעפעלקערונג פון די ארומיגע שטעדטלאך און דערפער. אינטערעסאנט איז דערביי צו בעמערקען אז דער פאקטישער צו־וואוקס פון די אידען אין די לעצטע צעהן יאהר אין די מערב־געליצישע שטעדט איז אפילו געווען שטארקער איידער דער צו־וואוקס פון די ניט־אידען. די דאזיגע ערשיינונג קען מען פארמולירען אין פאלגענדע ווערטער: הויפּטזעכליך קומט פאר די פערדרענגונג פון די אידען אין די דערפער און בעדייטענד איז זי אויך אין די שטעדטלאך. אין די שטעדט אבער **איז די ווידערשטאנדספעהיגקייט פון די אידען פיעל שטארקער** און זי וואקסט פון יאהר צו יאהר אזוי, אז שוין יעצט קען דא נישט זיין קיין רייד פון קיין אידישער פערדרענגונג. **די ווידער־שטאנדספעהיגקייט פון די אידען געפינט זיך אויף אזא אופן אין א געוויסען צוזאמענהאנג מיט'ן וואונונגס־פלאץ.**

מיט וואס ערקלערט זיך די דאזיגע ערשיינונג?

די סבה פון אט דער דאזיגער ערשיינונג ליגט, נאך אונזער מיינונג, אין דעם פערשיעדענארטיגען כאראקטער פון'ם האנדעל און אינדוסטריע אין די דאזיגע דריי טיפען וואוינונגס־פלעצער בכלל און דער עקאנאמישער טהעטיגקייט פון די אידען בפרט. אין דארף טראגט דער האנדעל, ווי אויך די אינדוסטריע (לעז מלאכה) דעם כאראקטער פון'ם קליינעם בעטריעב. דער אידישער בעל מלאכה ארבייט אויסשליסליך אויף פערזענליכע בעשטעלונגען. דער פראדוצענט קומט אין פערזענליכע בעריהרונגען מיט'ן פערברויכער, איז דעם נאציאנאלען כאראקטער פון'ם פראדוצירער אונמעגליך צו פערבארגען, נוצט אויס דער נישט־אידישער קאנקורענט דעם נאציאנאלען האס אין זיין קאמפף געגען אידישען סוחר. דער שלאג־ווארט „סוואי דא סוועגא" האט ביי אזעלכע בעדינגונגען א שטארקע ווירקונג. דאס זעלבע איז אויך בנוגע צום אידישען סוחר. דער קאמפף קעגען אידישען סוחר ווערט נאר פערגרינגערט אויף דורך דעם, וואס דער האנדעל אין דארף איז נישט קאמפליצירט, פאדערט נישט קיין בעזונדערע קענטניסען און דעריבער טאקי איז דעם קריסט פיעל גרינגער אריינצודרינגען אין'ם דארפישען האנדעל.

עטוואס גינסטיגער זיינען די קאמפפס־בעדינגונגען פאר די אידען אין די שטעדטלאך. ווי איינפאך עס זאל נישט זיין די ארגאניזאציע פון'ם האנדעל און אינדוסטריע אין'ם שטעדטל, דאך איז זי שוין פיעל העכער און קאמפליצירטער איידער אין דארף.

בכלל מוזען מיר אבער בעמערקען, אז דער אידישער בעל מלאכה שפּיעלט איבערהויפּט נישט קיין דאמינירענדע ראלע אין דער אינדוסטריע פון גאליציען (דא אין גאליציען טראגט דאך די אינדוסטריע מעהרסטענטייל א האנדווערקער כאראקטער).

אין קיין איינציגען צווייג פון דער גאליצישער אינדוסטריע בילדען די אידען נישט קיין מעהרהייט, אפילו אין דער קליידער־אינדוסטריע, וואו די אידען זיינען פון אייביג אן בעשעפטיגט און בילדען א מעהרהייט אין אנדערע ערטער (למשל אין רוסישען תחום), בילדען זיי אין גאליציען בס"ה עטוואס מעהר פון א דריטעל (35.2 פראצענט). אין דער זעלבער צייט אבער האבען די אידען געבילדעט אין 1900 יאהר 75.5 פראצענט פון אלע סחורה־הענדלער (ווארען־הענדלער — א חוץ דעם האנדעל מיט געלד). אויף אזא אופן אויף וויפיעל די מלאכה האט איבערגעריסען די פערזענליכע בעציהונגען מיט'ן קאנסומענט איז דער אידישער הענדלער דער הויפּט־פערמיטלער נישט בלויז צווישען דעם אידישען פראדוצענט און קריסטליכען געברויכער, נאר אויך צווישען דעם קריסטליכען בעל־מלאכה און זיין קריסטליכען קונה. באיקאטירען דעם אידישען בעל־מלאכה אין דעם מאמענט, ווען ער הויבט אן צו פראדוצירען אויפ'ן אונבעקאנטען בעשטעלער פון'ם לאקאלען מארק, מיט דער הילף פון'ם שלאגווארט: „נישט קויפט ביי אידען", איז דערהוויל אונמעגליך, ווייל דער איד איז דאך אויך דער פערמיטלער פון די קריסטליכע בעלי מלאכות און באיקאטירענדיג איהם באיקאטירט מען דאך אינדירעקט אויך דעם קריסטליכען בעל־מלאכה. דערפאר טאקי איז אין די שטעדט, וואו די קאפיטאליזירונג פון דער מלאכה האט דערגרייכט א פיעל גרעסערע שטופע פון ענטוויקלונג און זי האט זיך אין א פיעל שטארקערער מאס בעפרייט פון'ם פערזענליכען בעשטעלער, איז די לאגע פון דער אידישער האנדווערקער־מאסע שטארקער און די קאנקורענצפעהיגקייט גרעסער. און דאס איז די סבה, וואס פון די שטעדט ווערען די אידען נישט פערדרענגט און וואס גראד אין דעם מעהר אינדוסטריעל ענטוויקעלטען מערב־גאליציען האבען די שטעדט אפילו געהאט א געוויסע צוציהונגס־קראפט פאר די אידען; וואס זיי־

נען ארויסגעשטופט געוואָרען פון די מערב־גאַליצישע דערפער און שטעדטלעך.

וועט עס אָבער ווייטער אויך אַזוי אָנגעהן? די האַנדעלס־פעהיגקייטען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג וואַקסט פון טאָג־צו־טאָג. פריהער אָדער שפּעטער וועט די קריסטליכע בעפעלקערונג פון זיך אויסשטעלען אַ גענוג שטאַרקע בורזשואַזיע, וואָס וועט נעהמען שפּיעלען די ווירטשאַפטליכע ראָלע, וואָס ביז איצט האָבען די אידען געשפּיעלט.

אַ קאַמפּף געגען דעם אַריינדרינגען פון די קריסטען אין'ם האַנדעל וואָלט געהייסען אַ קאַמפּף מיט ווינדמיהלען. דער איינציגער געביעט, וואו די אידישע מאַסען זיינען פעהיג ארויסצוּווייזען אַ ווידערשטאַנד, און קענען מיט ערפאָלג קאָנקורירען מיט די קריסטען, איז די קאַפּיטאַליזירטע מלאכה. די „נאַציאָנאַליזירונג" פון'ם האַנדעל וועט ווייניג שאַדען דער קאַפּיטאַליזירטער מלאכה. קעגען איהר איז שוין אונמעגליך צו פיהרען „אַ נאַציאָנאַלען" קאַמפּף, ווייל קוים איז פערשוואונדען די פערזענליכע בעציהונג צווישען קאָנסומענט און פּראָדוצענט און די סחורות בעוועגען זיך אויפ'ן מאַרק אָהן דער הילף פון זייער בעשאַפער, אַזוי איז זיי שוין נישט שווער צו פערמאַסקירען זייער „נאַציאָנאַלע אָבשטאַמונג". די קאַפּיטאַליזירטע מלאכה דאַרף ווערען דער צענטר פון אונזער טהעטיגקייט. די אויפגאַבע פון דער אידישער געזעלשאַפט בעשטעהט דאָ:

1) אין העלפען דורך ביליגען קרעדיט אָדער אַנדערע מיטלען דעם אידישען בעל־מלאכה איבערצוגעהן פון'ם פערזענליכען בעשטעלער צום אונבעקאַנטען קאָנסומענט פון'ם לאָקאַלען אָדער אויסערן מאַרק; 2) העלפען דעם אידישען בעל־מלאכה צו געפינען נייע אָבזאַץ־מערק פאַר זיינע סחורות אויסער דעם פּראָדוקציאָנס־ראַיאָן — און 3) הויבען די קאָנקורענץ־פעהיגקייט פון'ם אידישען בעל־מלאכה, ד. ה. העכערען זיין קולטורעלען מצב, פערגרעסערען זיינע פאַך־ידיעות, פעראיידלען זיין געשמאַק...

און נאָך אַ זאַך: אַזוי ווי דער איינציגער ערד־מקלט פאַר דער רואינירטער אידישער קליין־בורזשואַזיע איז די קאַפּיטאַליזירטע מלאכה און די פאַבריק־אינדוסטריע, מוז מען ערקלערען דער אידישער מאַסע, אַז זי איז עקאָנאָמיש פעראינטערעסירט אין דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיזירונג פון גאַליציען, ווייל די דאָזיגע דעמאָקראַטיזאַציע איז דער איינציגער תנאי פון דער קינפטיגער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פון גאַליציען. די גאַליצישע דעמאָקראַטיע האָט שוין אָנגעהויבען דעם קאַמפּף קעגען דער רויבערישער באַנדע פון די פּוילישע שליאַכטיצען (דער קאַמפּף פאַר דער וואַהלרעפאָרם), זאָל זשע די אידישע דעמאָקראַטיע איהר קומען צו הילף און דאַן וועט דער נצחון זיין זיכערער און גיכער.

אב. וויקטאָר

* * *

דו האָסט געשענקט מיר שטונדען צוויי
פון גליק און שיין.
איך האָב בעצאָהלט מיט טעג פאַר זיי
פון אנגסט און פיין.

איך האָב מיין האַרץ, מיין האָפנונגס־ליכט
צו דיר געבראַכט. —
און דו? דו האָסט עס אויף געוויכט
געלעגט, בעטראַכט:

צו האָט דאָס אַלץ פאַר דיר א ווערטה,
און אויף ווי פיעל? —
דיר לוינט זיך ניט! — האָסטו ערקלערט—
די ליעבע־שפּיעל.

ס'איז ניט דיין שולד, דו ביזט א קינד
פון אונזער דור,
וואָס צעהלט, און מעסט און וועגט צום קווינט,
און רעכענט נור...

אַלגין

די אידישע ליטעראַטור אין יאָהר 1913

(אַ קורצער איבערבליק)

די ליטעראַטור ווייסט ניט פון קאַלענדאַרען; איהר שטענדיג־פליסענדיגער, לעבעדיגער שטראָם ווענדט זיך ניט אָן אָנהויב אָדער סוף יאָהר. פונדעסטוועגען איז ניט איבעריג פון צייט צו צייט זיך אָבצושטעלען און אַ קוק געבען, וואו האַלט מען? וואָס טראָגט מיט זיך דער שאַפונגס־שטראָם? וואָסערע פאַרבען שימערען אויף זיינע וועלען? וואָס פאַר וועלטען שפיגלען זיך אָב אין זיינע אומרוהיגע וואַסערן?

לאַנגזאַם, אָהן רעש און אָהן ברויזענדיגע וואַסער־פאַלען, האָט געפלייצט דער שטראָם פון דער אידישער ליטעראַטור פאַר'ן לעצטען יאָהר (איך רעכען פון אָנהויב תרע"ג). שטיל איז געווען דאָס אידישע לעבען, טעמפ און שווער די לופט אין דער אידישער גאַס, — און די ליטעראַטור, דער פיהלענדיגסטער נערוו אין דעם געוועב פונ'ם לעבען, האָט דעריבער אויך ניט געהאַט צו פאַרצייכנען קיין איבערקעהרענישען און שטורעמס.

דאָס לעבען בלייבט אָבער ניט שטעהן, דער שטראָם געהט אַלץ ווייטער און ווייטער. אין דער ליטעראַטור, אפשר נאָך גיכער ווי אין לעבען, מערקען זיך אָן נייע ליניען פון ענטוויקלונג, וואַקסען און צייטיגען זיך נייע קרעפטען.

דעם בעאָבאַכטער פון דער אידישער ליטעראַטור וואַרפט זיך בעזונדערס אין די אויגען אַ דאָפּעלטע ערשיינונג פון דער לעצטער צייט: די ליטעראַטור ציהט אַלץ מעהר אריין אין איהר ווירקונגס־קרייז פון איין זייט דעם אינטעליגענט, פון דער אַנדער זייט — דאָס קינד. דאָס איז אפשר דאָס אינטערעסאַנטסטע, וואָס דער היסטאָריקער וועט אמאָל האָבען צו פערשרייבען אין דער געשיכטע פון אידיש.

די אידישע ליטעראַטור איז שטענדיג געווען אַ ליטעראַטור פאַר די מאַסען. די אמאָליגע מוסר־ספרים און מעשה־ביכלאך זיינען געווען פערפאַסט פאַר דער אונוויסענדיגער פרוי און פאַר'ן עם־הארץ. שמר און דיק, ספעקטאָר און דינעזאָן האָבען געשריעבען פאַר'ן פּראָסטען עולם. שלום־עליכם פערדאַנקט זיין פּאָפּולאַריטעט ניט נור זיין וואונדערבאַרען טאַלאַנט, נור אויך זיין פערשטענדליכקייט פאַר יעדען איינציגען אידען. מענדעלע מוכר ספרים און פּרץ, די צוויי אריסטאָקראַטען אין דעם עלטערען דור שרייבער, האָבען, אמת, ווייניגער אין זינען געהאַט דעם „המון“, דערפאַר איז פאַר זייערע אויגען שטענדיג געשטאַנען דער איד דער למדן, דער פאַרצייטיגער חקרן און גריבלער, וואָס האָט פערשטאַנען אַלצדינג אויפ'ן וואונק און האָט משונה הנאה געהאַט פון אַ פיינעם רמז. דעם מאָדערנעם, אייראָפּעאיש־געבילדעטען אינטעליגענט זיינען זיי ווייניג אויסען געווען (גיכער שוין פּרץ — אין דעם סימבאָליסטישען פעריאָד פון זיין שאַפען).

ווי די ליטעראַטור, אזוי אויך די פּרעסע, אזוי אויך די פּובליציסטיק. מען האָט גערעדט צום ניט־געבילדעטען, ניט־ענטוויקעלטען לעזער, אָפטמאָל צו אַ לעזער אָהן עלעמענטאַרע שולבילדונג. מען האָט זיך ניט ווילענדיג געמוזט צופּאַסען צו זיינע בעגריפען און זיינע השגות. דעריבער איז אפילו די „וויסענשאַפטליכקייט“ פון אידישע זשורנאַלען געווען ווייט פון ערנסט, און די טיעפזיניגסטע אָבהאַנדלונגען זיינען ס'רוב געווען פשוט'ע פּאָפּולאַריזאַציעס. דער אידישער ארבייטער־פּרעסע האָט מען אָפט אויפגעוואָרפען אַלס חסרון דאָס וואָס זי איז ווייניג „פּאָפּולער“, מיט אַנדערע ווערטער: ווייניג וואולגאַר, — דאָס וואָס מען דאַרף האָבען אַ געוויסע פּאָרבערייטונג, כדי מען זאָל זי קענען לעזען.

דער פועל־יוצא איז געווען, אַז דער געבילדעטער לעזער האָט זיך צוגעוואוינט צו קוקען אויף דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור ווי אויף עפּעס אזוינס, וואָס ס'איז אונענדליך נידריגער פון זיין אידעען־וועלט און וואָס ער קען דאָרט גאָר ניט געפינען. און אַ ווייטערער פועל־יוצא: פעראַכטונג און גרינגשעצונג בנוגע צו אַלצדינג וואָס ס'איז געשאַפען אין אידיש.

עס איז איבריג צו ריידען, אַז אַזאַ לאַנגע

איז געפעהרליך פאר דער צוקונפט פון א פאלקס־ליטעראטור. אהן אינטעליגענטע לעזער איז ניטא קיין אינטעליגענטע שרייבער און קיין לעבעדיגע גייסטעס־ארבייט, און אהן ביידע — ניטא קיין פארטשריט. עס איז דעריבער נויטיג געווען, אז דער אידישער אינטעליגענט זאל אנהויבען קוקען אויף דער אידישער ליטעראטור און זשורנאליסטיק, ווי אויף זיין אייגענס, ווי אויף עפעס אזוינס, וואס ער דארף דאס האבען.

אין פלוג האט זיך געקאנט דאכטען, אז דא האבען מיר א פער'כשופ'טען קרייז, פון וועלכען עס איז ניטא קיין ארויסגאנג: מען וועט ניט אנהויבען שרייבען „אינטעליגענטיש“ ביז ס'וועט ניט קומען דער אינטעליגענטער לעזער, און דער אינטעליגענטער לעזער וועט ניט קומען, ביז ער וועט ניט געפינען אויף אידיש אזוינס, וואס זאל פאר איהם אליין זיין וויכטיג.

די געשיכטע האט אויך דא, ווי אין פיעלע אנדערע פאלען, אויסגעגלייכט די סתירות, אדער, לכל הפחות, אנגעמערקט דעם וועג, אויף וועלכען די סתירות וועלען מוזען פערשווינדען.

א התחלה האט געמאכט די שעהנע אידישע ליטעראטור, די בעלעטריסטיק.

ס'איז אויפגעשטאנען א נייער דור טאלענטפולע, פארבענרייכע שרייבער. זיי זיינען גיך געווארען בעריהמט ניט נור ביי אידען. דער אידישער אינטעליגענט האט זיך געמוזט מיט זיי פעראינטערעסירען. אינ'ם קעניגרייך פון קונסט קען די שפראך קיין הינדערניש ניט בילדען. מען האט געמוזט לייענען אש'ן און הירשביינ'ען און פיעלע אנדערע — אויף אידיש, און מ'האט זיך געמוזט זאגען, אז אויך „זשארגאן“ קען ארייננעהמען אין זיך אמת'ע פערעל. די יונגע, קרעפטיגע, לעבענספולע אידישע בעלעטריסטיק איז אלזא געווען די ערשטע שדכנ'טע צווישען דעם שטאלצען אינטעליגענט און זיין פאלקס־שפראך.

עס זיינען אבער אויך געווען אנדערע פאקטארען. דאס אידישע לעבען ווערט איבערהויפט אלע מאל מעהר נאציאנאליזירט. די אסימילאציע, אלס אידעאלאגיע, האט אבגעלעבט איהר צייט. אז דער אסימילירטער סטודענט, גימנאזיסט, איבערהויפט אינטעליגענט קעהרט זיך אום פון דעם ניט־אידישען לאגער „צוריק אהיים“, איז דאס ערשטע, צו וואס ער נעהמט זיך — דאס אידישע ביכעל. פריהער אין א רוסישער איבערזעצונג, שפעטער — אין אריגינאל. ער טהוט עס אפשר פון אנהויב אויס פיעטעט, אויס יראת הכבוד, מיט דער צייט אבער לעבט ער זיך איין אין דער אידישער שאפונגס־וועלט און הויבט זי אן בעטראכטען, ווי זיין וועלט.

אין דער אייגענער ריכטונג האבען אויך געארבייט די פערשיידענע ליטעראַרישע און דראמאטיש־מוזיקאלישע געזעלשאפטען, די ליטעראַרישע ספעקטאקלען אויף אידיש, די געזעלשאפט פאר אידישע פאלקס־מוזיק און — ניט אין דער לעצטער ליניע — די פערבאנדען פון אידישע סטודענטען אין אויסלאנד.

אין דער אייגענער צייט איז פון אונטען אויך פארגעקומען א געוויסע ענדערונג. די מאסען זיינען געווארען מעהר אויפגעקלערט, האבען בעקומען א בעסערען געשמאק, גרעסערע גייסטיגע בעדערפעניסען. דאס האט געבראכט מיט זיך, אז אפילו די פאפולערע צייטונגען פון היינט טראגען אן ערנסטערען כאראקטער, איידער פריהער, מוזען געבען, אחוץ שונד־מאטעריאל, אויך גוטע ליטעראַרישע זאכען און מעהר אדער ווייניגער ערנסטע פובליציסטיק. דער לעזער איז אויסגעוואקסען, מוז וואקסען מיט איהם אויך דאס געדרוקטע ווארט.

אויפ'ן ערשטען פלאץ מוז מען דא אוועקשטעלען די אויפקלעהרונגס־ארבייט צווישען די אידישע ארבייטער. דער סאציאל־דעמאקראטישער אגיטאטאר איז ניט נור א פאליטישער קעמפפער, ניט נור א סאציאלער רעוואלוציאנער, נור אויך א קולטור־טרעגער אין דעם בעסטען און איידעלסטען זין פון דעם ווארט. אויף דעם באדען, וואס איז דורכגעאקערט געווארען דורך סאציאליסטישע געדאנקען, וואקסט די בעדערפעניש נאך א גוטען בוך, נאך אן ערנסטער ליטעראַרישער קריטיק, נאך א קונסטרייכער טהעאטער־פארשטעלונג. די אידישע אויפגעקלערטע ארבייטער זיינען דעריבער די אויפריכטיגסטע און בעגייסטערטסטע פערעהרער פון יעדען ערנסטען טאלענט, פון יעדער האפנונגספולער ערשיינונג אין דער אידישער ליטעראטור.

די אלע סבות, ווירקענדיג צוזאמען, האבען געבראכט דערצו, אז די ליטעראטור פון דעם לעצטען יאהר האט א מעהר אינטערעסאנטעס אויסזעהען, איידער אמאל, אז פיעלע ווערק זיינען לכתחילה בעשטימט פאר דעם מאדערנעם געבילדעטען מענשען מיט זיינע גרויסע פאדערונגען און פיינעם געשמאק.

* * *

צווישען די בעלעטריסטישע ווערק פון דעם דאזיגען סארט וואלט איך אוועקגעשטעלט אויבען־אן צוויי ראמאנען: ד. בערגעלסאנ'ס „נאך אלעמען“ און ש. אש'ס „מערי“ (ביידע אין פערלאג פון ב. א. קלעצקין).

בערגעלסאן איז בערך א נייער מענש אין דער אידישער ליטעראטור. זיין ערשטע גרויסע ערצעהלונג „ארום וואקזאל“ איז ארויס צוריק מיט א יאהר פינף. שוין דאס דאזיגע ביכעל האט בעוויזען, אז מיר האבען צו טהאן מיט

אַן ערנסטען, אייגענאַרטיגען טאַלענט, וועלכער געהט זיין אייגענעם וועג און בעטראַכט די וועלט מיט זיין אייגענעם אויג. שוין דעמאָלט איז געווען צו מערקען, אז דאָס איז א שרייבער, וואָס קימערט זיך ווייניג וועגען זיין לעזער און וואָס קלעהרט איבערהויפּט ניט וועגען דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט. קינסטלער פון אַזאַ סאָרט האָבען דאָס געפיהל, אז מען מוז זיי הערען, ווארום זיי האָבען וואָס צו זאָגען און דאָס וואָס זיי זאָגען איז שווער און טיעף און שרעקליך נויטיג.

נאָכדעם זיינען אין א פּאָאר זאַמעלביכער און זשורנאַלען ערשיענען איינציגע בערגעלסאָנ'ס ערצעהלונגען און פראַגמענטען. פאַראיאָהרען ווינטער איז ארויס זיין גרויסער ראָמאַן „נאָך אַלעמען“.

א מערקווירדיגער ראָמאַן! ניטאָ אין איהם, אייגענטליך, קיין אינהאַלט, דאָס וואָס מען רופט „פאַבולאַ“, און פונדעסטוועגען קענט איהר זיך פון איהם ניט אָברייסען, ביז איהר לייענט איהם ניט איבער ביז'ן סוף; עס איז שווער נאָכצודערצעהלען, וואָס אין איהם שטעהט, אָבער מיט טיעפע, איינגעשניטענע צייכענס בלייבט ער אין אייער האַרץ אויף לאַנג, אויב ניט אויף שטענדיג.

אַ פערביסענער קינסטלער איז בערגעלסאָן. אומעטיג, שרעקליך אומעטיג מוז איהם זיין טיעף, טיעף אין דער נשמה, אָבער דער אומעט איז פערבאָרגען אונטער א קאַלטען שטרענגען שמייכעל, און מיט דעם שמייכעל דערצעהלט ער אייך די געשיכטע פון א אידישער מיידעל — פון א היינטיגער אידישער אינטעליגענטער מיידעל, וועלכע האָט אָבגעלעבט איידער זי האָט אָנגעהויבען לעבען.

ער האָט אויף איהר קיין רחמנות ניט. עס דאַכט זיך אפילו, אז מיט א בייזער פרייד געהט ער איהר נאָך טריט ביי טריט און דעקט־אויף די געהיימסטע ווינקעלעך פון איהר נשמה, וועלכע ליידט און פייניגט זיך דערפון, וואָס זי קען ניט פיהלען טיעף און שטאַרק. עס דאַכט זיך, איהם טהוט ווילד הנאה צו ווייזען דער וועלט: זעהט, וואָס פאַר א חורבן עס לעבט אין דעם שעהנעם, געראָטענעם, אויסדערוועהלטען מענשען־קינד, וואָס וואָלט געקענט זיך באָדען אין גליק און פערשפּרייטען גליק, ווי די זון — ליכטיגע שטראַהלען.

אָבער אין דערזעלבער צייט איז דאָס בוך דורכגעזאַפּט מיט אַזאַ טיעפער, שווערער ליריק. עס איז מעהר ווי ליריק. א גייסט פון ט ר אַ ג י ש ע ן ט ר ו י ע ר ציהט דורך דעם גאַנצען ווערק, ווי דאָס טיעפע רוישען פון א ווינד אין א ווינטערדיגען וואַלד. און דער טרויער איז שוין ניט נור א אידישער, הגם דאָס ווערק איז אידיש פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה: אין דעם טרויער קלינגען אַלגעמיין־מענשליכע, איך וואָלט געזאָגט, אייביגע מאָטיוען.

„איך לעב איבער מיין הערבסט,—שרייבט מירעל אין דעם סוף פונ'ם ראָמאַן — און קיין פריהלינג האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט. עמיצער האָט איהם פאַר מיר איבערגעלעבט, אָט דעם פריהלינג, און מיר ווערט דאָס שוין פון טאָג צו טאָג קלערער: נאָך איידער איך בין געבאָרען געוואָרען, האָט עמיצער מיין פריהלינג איבערגעלעבט“.

מיט „נאָך אַלעמען“ האָט בערגעלסאָן פערנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער אין אונזער ליטעראַטור. ער איז א גרויסע, טהעטיגע, אינטעליגענטע קראַפט, וואָס זאָגט־צו זעהר פיעל.

און אלס א טהעטיגע קראַפט, וואָס שפּרודעלט מיט שאַפונגס־גייסט און מיט שאַפונגס־פּלענער, האָט זיך אויך אויסגעוויזען ש ל ו ם אַ ש פאַר דער לעצטער צייט. עס מוז מיט פרייד קאָנסטאַטירט ווערען: שלום אַש האַלט אין איין וואַקסען און זיך ענטוויקלען. דער איבערגאַנג פונ'ם „שטעדטעל“ און פון שעמענין צו דעם מאָדערנעם אידישען לעבען און די מאָדערנע פּראָבלעמען פונ'ם מענשליכען גייסט — אַן איבערגאַנג, וואָס איז געווען פאַר אַש'ן זעהר שמערצליך און האָט זיך פערצויגען, ווי א שווערער קריזיס, האַלט שוין, דאַכט זיך, ביים סוף. שלום אַש פערוואַנדעלט זיך אַלעמאָל מעהר אין א מאַלער פון א ו נ ז ע ר צייט און אונזערע אינווענינסטע מלחמות.

א פּראָדוקט פון דעם איבערגאַנג איז דער ראָמאַן „מערי“. שלום אַש דערצעהלט די געשיכטע פון א יונגער אידישער מיידעל אין דער רעוואָלוציאָנס־צייט. ניט אַלצדינג אין דעם ראָמאַן איז ריכטיג פאָרגעשטעלט, ניט אומעטום איז דער אויטאָר פריי פון זייטיגע טענדענצען, אָבער דער ווייכער, האַרציגער, לאַכענדיגער אַש'ס טאַלאַנט, וועלכער שפּריצט מיט פונקען פון לעבענס־לוסט אפילו דאָרט, וואו ער מאָהלט טרויעריגע זאַכען — דער דאָזיגער טאַלאַנט גלענצט אין „מערי“ מיט אַלע זיינע פאַרבען.

רעכענט מען צו צו „נאָך אַלעמען“ און צו „מערי“ נאָך ריבקינ'ס ראָמאַן „דער וועליזשער בלוט־בלבול“, וועגען וועלכען מיר וועלען ריידען שפּעטער, און אַש'ס נייעם, שוין טיילווייז געדרוקטען ראָמאַן „דער וועג צו זיך“ (א פאָרטזעצונג פון „מערי“), וועלען מיר בעקומען נאָך איין נייע ערשיינונג אין דער אידישער ליטעראַטור: ד ע ם ר אָ מ אַ ן. ראָמאַנען האָבען אין דער אידישער ליטעראַטור קיינמאָל ניט געפעהלט: אי שמר, אי טאַנענבוים, אי דינעזאָן, אי ספּעקטאָר האָבען געשריעבען ראָמאַנען. שלום־עליכם האָט אויך אָנגעשריעבען א רייה ראָמאַנען. אָבער דער ראָמאַן פאַר'ן

אינטעליגענטען מענשען האָט אינגאַנצען געפעהלט. ביסלעכווייז ווערט אויך דער לייזיגער פּלאַץ אויסגעפּילט אין אונזער ליטעראַטור. מיט די פיער אויסגערעכענטע ראָמאַנען מעגען מיר זיך, כ׳לעבען, ניט שעמען אַפילו פאַר די רייכסטע ליטעראַטורען.

אויפ׳ן געביעט פון ליריק איז הייאָהר געוועזען אָרימער. קיין נייע טאַלאַנטען זיינען ניט צוגעקומען. אָבער די אַלטע, בעקאַנטע און בעליעבטע, זיינען ערשיענען יעדער מיט א נייער זאַמלונג: ח. נ. ביאַליק מיט זיינע געקליעבענע ליעדער (אייגענע און איבערגעזעצטע), ד. איינהאָרן מיט א ביכעלע „מיינע ליעדער“, פּרץ הירשביין מיט אַן אויסוואַהל פון זיינע לירישע זאַכען אונטער׳ן נאָמען „מיין ביך“.

די אַלע דריי זאַמלונגען זיינען ווידער בעשטימט נור פאַר אינטעליגענטע לעזער. אין די האַרטע, שטאָהלענע, מיט גיפט און גאַל דורכגעזאַפּטע און אין פייער אויסגעגליהטע ליעדער פון ביאַליק, אין די שטילע, בלאַסע, פערטראַכטע פערזען פון איינהאָרן, וואָס זעהן אויס, „אַזוי ווי א מחנה יתומים, וואָס בלאָנדזשען אָהן טאַטען און מאַמען“, אין די מעלאָדיישע, פיעלפאַרביגע, ווי האַרפען קלינגענדע און ווי שאַרפער בלומען־דופט שמעקענדיגע פּראָזאַאישע עלעגיעס פון הירשביין — פערליערט אונזער מאַמע־לשון זיין גאַנצע אמאָליגע גראָבקייט, פערשווינדט פון איהם דער ריח פון מאַרק און פון ווייבערשער קללה, פערוואַנדעלט עס זיך אין א צאַרטען זיידענעם מאַנטעל, וואָס כהנים קענען איהם רוהיג אָנטהאָן כדי צו דיענען פייערליך אין דעם היכל פון קונסט. דעם עלטערען דור שרייבער האָט זיך געוויס ניט געגלויבט, אַז מען זאָל קענען אויף אידיש וואַרפען דונערען און בליצען און רייסען פעלזען פון זייער אָרט, ווי דאָס טהוט ביאַליק, און אַז מען זאָל קענען איבערגעבען דעם שטילען טרוים פון א קינד און דעם לעצטען ציטער פון א פערשוואונדענעם לבנה־שטראַהל, ווי דאָס טהוט דוד איינהאָרן.

וויפיעל איז נאָך איצט דאָ אידישע אינטעליגענטען, וואָס דער „זשאַרגאָן“ איז פאַר זיי ניט מעהר, ווי א גאַסען־שפּראַך, און וואָס זיי וואָלטען פערוואונדערט אויפגעעפענט די אויגען, ווען מען זאָגט זיי, אַז ס׳איז דאָ אויף אידיש א מוזיקאַלישע, אייגענאַרטיגע, טיעף־אָריגינעלע און דאָך אייביג־מענשליכע ליריק!

העלפען פערשטעהן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, אויפדעקען איהרע שעהנקייטען, אָנמערקען איהרע ענטוויקלונגס־טענדענצען און אויפמערקזאַם מאַכען אויף די נייע שפּראָצונגען, וואָס הויבען זיך אָן בעווייזען אין דער ליטעראַטור, — דאָס איז די אויפגאַבע פון ליטעראַרישער קריטיק. און אויך אין דעם פרט קענען מיר פערצייכענען פאַר׳ן פערגאַנגענעם יאָהר א גרויסען טריט פאָרווערטס.

עס זיינען ערשיענען: ש. ניגער׳ס צוויי בענד „וועגען אידישע שרייבער“, בעל־מחשבות׳עס דריטער באַנד „שריפטען“, „דער פנקס“ — א יאָהר־בוך פאַר דער געשיכטע פון אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער און א לעקסיקאָן פון אידישע שרייבער, צוזאַמענגעשטעלט דורך זלמן רייזען און רעדאַקטירט דורך ש. ניגער. פאַר איין יאָהר גאַנצע פינף ערנסטע, זאַכליכע בענד, פול מיט פאָרשונגען וועגען דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ש. ניגער איז, בערך, א יונגער שרייבער. עס איז נאָך ניטאָ קיין צעהן יאָהר, זינט ער האָט זיך געוויזען אין דער אידישער ליטעראַטור. אָבער שוין זיינע ערשטע קריטישע אַרטיקלען האָבען בעוויזען, אַז ער האָט א טאַלאַנט און א ריכטיגען ליטעראַרישען חוש. זיינע ערשטע ארבייטען האָבען געהאַט דעם חסרון, וואָס מיר טרעפען איהם אָפט ביי אָנפאַנגער: ניט ער איז געוועזען דער האַר פון דער פּראַזע, נור די פּראַזע האָט געוועלטיגט איבער איהם. דעריבער איז זיין שפּראַך אָפט געוועזען א געשוואָלענע, אַן אויפגעבלאָזענע: דער געדאַנק איז געוועזען ניט אויסגעדריקט, נור אַרומגעוויקעלט מיט ווערטער ווי מיט וואַטע.

פון דעם חסרון האָט ניגער זיך ביסלעכווייז בעפרייט. ער איז איבערהויפּט איינער פון די ווייניגע אידישע שרייבער, וואָס אַרבייטען איבער זיך, וואָס פאָרשען און לערנען און פערטיעפען זיך אינ׳ם שטאָף און קלערען פיעל מאָל איבער, איידער זיי שרייבען אָן זייער געדאַנק.

די צוויי בענד „וועגען אידישע שרייבער“ מוז דורכלעזען יעדערער, ווער עס וויל האָבען א ריכטיגען בליק אויף דער אידישער ליטעראַטור. ש. ניגער איז לכתחילה געוועזען דאָס, וואָס מען רופט אַן עסטעטישער קריטיקער: די סאָציאַלע זייט פון די ווערק האָט איהם ווייניג אינטערעסירט. אין די יאָהרען 1907־1909, אין דער צייט פון סימבאָליזם און מאָדערניזם, איז דאָס ביי איהם געוועזען א מין פּראָגראַם. דאָס לעבען האָט אָבער געצוואונגען ניגער׳ן צו פערלאָזען דאָס פּראָגראַם. אין זיינע שפּעטערדיגע אַרבייטען וועגען ש. י. אַבראַמאָוויטש און שלום־עליכם שטעלט ער שוין אַריין די שרייבער אין זייער צייט און אין זייער סאָציאַלער סביבה און זוכט דערין אַ שליסעל צו פערשטעהן זייערע שעפּפונגען. שעהן און אָריגינעל בלייבט ניגער בעזונדערס דאָרט, וואו ער וויל געבען א סינטעז פון א שרייבער, וואו ער וויל מיט קורצע

ווערטער כאַראַקטעריזירען זיין פּערזאָן. דאָ איז ער קורץ, שאַרף, פּלאַסטיש, און די כאַראַקטעריסטיק פערוואַנדעלט זיך ביי איהם אין אַן אמת'ע קונסט־ווערק.

ש. ניגער געהערט צו די יונגע, וואָס האָבען געמאַכט די ליטעראַטור פאַר זייער לעבענס־זאַך און וואָס זייער ווירקען און דענקען איז דורכגעדרונגען מיט א טיעפער ליעבע צו דער נייע־אידישער קולטור און איהרע ווערטהען.

ד ע ם גייסט האָט ניגער, אַלס רעדאַקטאָר, אריינגעטראָגען אויך אין דעם „פּנקס". דער „פּנקס" איז שוין גאָר א נייעס אין אונזער ליטעראַטור. א דיקער באַנד אין פאָליא, וואָס פערנעהמט זיך מיט פאָרשונגען וועגען דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור! דאָס איז נאָך א בעווייז, ווי ערנסט מען הויבט אָן אין אינטעליגענטע קרייזען זיך פערהאַלטען צו אידיש.

דער „לעקסיקאָן" איז בעשטימט פאַר א האַנד־בוך, צו געברויכען ביים לייענען אָדער שרייבען, ווען מען וויל זיך אויף גיך ערקונדיגען וועגען דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער. דאָס איז א ו ו ע ר ט ע ר ־ ב ו ך: די שריפטשטעלער זיינען אויסגעשטעלט לויט'ן אלף־בית; איהר מישט אויף און געפינט גלייך די נויטיגע ידיעות: ביאָגראַפיע, א רייסטער פון דעם שרייבער'ס ווערק, קורצע קריטישע נאָטיצען צו זיי און ז. וו. אויך דער לעקסיקאָן אין א דיקער באַנד און אויך ער איז א גוטער בעוויז, אז דער אינטערעס צו דער אידישער ליטעראַטור און צום אידישען שרייבער וואַקסט. מיר האָבען דערלעבט א צייט, ווען מען רעכענט דעם אידישען שרייבער און זיין ארבייט פ אַ ר ע פּ ע ס ר ע כ ט ס, וואָס ס'איז ווערטה עס צו פערצייכנען לדורות.

איך האָב איבערגעלאָזט בעל־מחשבות'עס באַנד שריפטען גאָר צום סוף, ווארום דער באַנד איז ניט אזוי אינטערעסאַנט צוליעב זיין ליטעראַרישער קריטיק, ווי צוליעב זיין פּובליציסטיק. אלס קריטיקער געהערט בעל־מחשבות נאָך צום פריהערדיגען דור. בעל־מחשבות אלס קריטיקער איז זעהר פּאָפּולער, זעהר פערשטענדליך. ער קען זיך אויך נאָך אַלץ ניט אָבזאָגען פון דער אַלטער געוואוינהייט ארויסצוגעבען הסכמות אויף די אָדער יענע ווערק, צו שטעלען דעם שטעמפּעל: „גוט" אָדער „שלעכט". יעדענפאַלס טראָגט די קריטיק, וואָס איז פאַראַן אין דעם באַנד, קיין נייעס ניט אריין אין דער אידישער ליטעראַטור. דערפאַר איז דאָ אין דעם באַנד אן אָבטיילונג „שטריכען און געדאַנקען" — האַלב־פּובליציסטישע, האַלב־בעלעטריסטישע בעטראַכטונגען, סקיצען, לעבענס־בילדער, בלייפעדער־נאָטיצען, וועלכע פערשאַפען אן אמת'ען עסטעטישען פערגעניגען. דאָ זעהען מיר פאַר זיך בעל־מחשבות'ען אין זיין גאַנצער גרויס: א סקעפּטיקער, מיט א קאַלטען קאָפּ און מיט א בעהאַלטענער בענקשאַפט נאָך האַרמאָניע און שעהנקייט, א קלוגער, פיינער, שאַרפזיניגער בעאָבאַכטער, וועלכער זעהט אַלע העסליכע און טרויעריגע און לעכערליכע ערשיינונגען אינ'ם אידישען לעבען און וועלכער איז אַלצדינג מוחל מיט א רוהיגען, האַלב־אומעטיגען, האַלב־איראָנישען שמייכעל. די „שטריכען און געדאַנקען" זיינען געווען געדרוקט אין צייטונגען איינציגווייז, אָבער ערשט ווען מען לייענט זיי נאָכאַנאַנד אין דעם בוך, דערפיהלט מען זייער בעזונדערען חן און זייער צוזאַמענגעהערען איינס צום צווייטען. אַקוראַט ווי דאָס זיינען איינצעלנע קאַפּיטלאַך פון איין גרויסער, האַלב־טרויעריגער, האַלב־קאָמישער, ערטערווייז ריהרענדער, אָפּטמאָל פערבענקטער פּאָעמע, וואָס הייסט „דאָס אידישע לעבען". דאָ איז בעל־מחשבות אזא קינסטלער, וואָס האָט ניט זיין גלייכען צווישען די אידישע פּובליציסטען.

די געזאַמעלטע „שריפטען און געדאַנקען" קען מען נור בעגריסען. דער געדאַנק ארויסצוראַטעווען זיי פון דעם פערגענגליכען צייטונגס־שטראָם איז זעהר געלונגען.

נאָך איין נייער סאָרט ליטעראַטור האָט זיך דאָס לעצטע יאָהר ביי אידען בעוויזען: דער היסטאָרישער ראָמאַן און די מעמוארען. ריבקינ'ס „וועליזשער בלוט־בלבול" און יחזקאל קאָטיק'ס צוויי בענד „זכרונות" זיינען ניט פון די שלעכטע פּראָבען אויף דעם געביעט. ביידע ווערק האָבען אן אינוועניגסטע שייכות: דער ראָמאַן פון ריבקין איז אייגענטליך אויך ניט קיין ראָמאַן, נור א היסטאָרישע כראָניק, א בילד פון א שטיק אידיש לעבען אינ'ם אָנהויב פונ'ם 19טען יאָהרהונדערט.

יחזקאל קאָטיק'ס „זכרונות" האָבען געהאַט אפשר דעם גרעסטען ערפאָלג, וואָס א אידיש ווערק איז זוכה געווען דערצו אינ'ם פערגאַנגענעם יאָהר. מיט א רוהיגער, געלאַסענער, פּאַמעליכדיגער שפּראַך, מיט א זקנ'ישען ישוב־הדעת דערצעהלט אַן אַלטער איד וועגען דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און געזעהען אין זיין קינדהייט און יוגענד. דאָס אַלטע אידישע שטעדטעל, די זיטען, די מנהגים, דאָס רעליגיעזע לעבען, די געזעלשאַפטליכע גליעדערונגען און שטרייטען, דאָס פאַמיליען־לעבען מיט זיינע רוהיגע און שטורעמדיגע מאָמענטען, דאָס גאַנצע בילד פון דער אידישער גאַס און דער אידישער שטוב און דער אידישער קלויז צוריק מיט פופציג־זעכציג יאָהר וואַכט־אויף אונטער קאָטיק'ס פעדער און רעדט צו אונז מיט ל ע ב ע ד י ג ע ווערטער.

די „זכרונות" זיינען ג ו ט ע מעמוארען, איך וואָלט געזאָגט: א מ ו ס ט ע ר פון מעמוארען, און דאָס וואָס מען לייענט זיי אזוי

פּיעלע, איז נור א סימן, אז דער געשמאַק פון'ם לעזער איז געוואַקסען.

* * *

מיר האָבען אין קורצען דערמאָנט דאָס שעהנסטע און אָריגינעלסטע, וואָס האָט זיך בעוויזען און א לייכט געטהאָן מיט העלע פאַרבען אויף דער אויבערפלאך פון'ם ליטעראַרישען שטראָם. דער שטראָם גופא האָט אינ'ם פערגאַנגענעם יאָהר געפלייצט אָהן אַן אויפהער, ווערענדיג אַלץ ברייטער און ברייטער. עס איז ארויסגעגאַנגען דער דרייצעהנטער און פערצעהנטער באַנד פון שלום־עליכם'ס געזאַמעלטע ווערק, עס איז ארויסגעגאַנגען דער פופצעהנטער און זעכצעהנטער באַנד פון מענדעלע מוכר ספרים, דער צווייטער און דריטער באַנד פון ספּעקטאָר'ס ערצעהלונגען, דער פערטער באַנד פון רייזען'ס נאָוועלען, א באַנד נייע שריפטען פון יונה ראָזענפעלד, ערצעהלונגען און בילדער פון ש. גאָרעליק, פון ידידיה מרגלית, ליעדער־זאַמלונגען פון סעגאַלאָוויטש און מנחם, עטליכע דראַמען, עטליכע ביכלעך מיט הומאָריסטישע סקיצען און ערצעהלונגען (קאַליף, וואַנדערער) און ז. ו., און ז. ו. דאָס אַלעס האָט א פערשיידענעם ווערטה און בעפריעדיגט פערשיידענע לעזער־קרייזען, אָבער אַלעס צוזאַמען מאַכט עס רייכער אונזער ליטעראַטור, בילדעט דעם הויפּט־שטראָם איהרען.

אין דערזעלביגער צייט וואַקסט די אידישע טאָג־פּרעסע. איהר ליטעראַרישער ווערטה איז געוועהנליך ניט זעהר הויך, אָבער ניט ווילענדיג טהוט זי א גרויסע ארבייט: זי גרייט צו א נייעם לעזער פאַר א גוטען בוך און פאַר א קונסט־ווערק.

די אייגענע ארבייט טהוט איצט די קינדער־ליטעראַטור. אין דעם פערגאַנגענעם יאָהר איז ארויס א גאַנצע מאַסע אידישע לעהר־ביכער, לעזע־ביכער און מעטאָדעם צו לערנען אידיש. עס זיינען ערשינען צוויי כרעסטאָמאַטיעס פאַר אָבענד־שולען און פיעלע מעשה־ביכלעך פאַר קליינע קינדער — אָריגינעלע און איבערזעצטע. דער שנעלער וואוקס פון דער קינדער־ליטעראַטור בעווייזט, אַז דורך איהר ווערט בעפריעדיגט א דרינגענדע הייסע בעדערפעניש. דאָס לעהר־ביכעל, וויעדער, מאַכט די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור בעליעבט ביים אידישען קינד און גרייט צו נייע מאַסען לעזער.

אַך, וואָלטען מיר שוין, ענדליך, בעקומען א רעכטע אידישע פאָלקס־שול!

הלל ראַגאָף

טהעאַטער

אידישע פּיעסען אויף דער ענגלישער ביהנע

„פּאַטעש און פּערלמוטער".

א אידישע פּיעסע, געשריעבען פון א אידען, מיט אידישע אַקטיאָרען אין די הויפּט־ראָלען, איז איצטער דער גרעסטער ערפאָלג, דער גרעסטער „היט" אויף בראָדוויי. „פּאַטעש און פּערלמוטער" איז א דראַמאַטיזירונג פון א סעריע ערצעהלונגען אונטער דעמזעלבען נאָמען, וועלכע האָבען זיך א לאַנגע צייט געצויגען אין דער פערשפּרייטעסטער וואָכענשריפט אין אַמעריקא „די סאַטורדעי איוונינג פּאָסט", און וועלכע זיינען פון די מיליאָנען לעזער פון דיעזער וואָכענשריפט אויפגענומען געוואָרען מיט מערקווירדיגען ענטוזיאַזם.

קיין דראַמע איז „פּאַטעש און פּערלמוטער" ניט. א שטיקעל „פּלאָט" איז אין איהר יא פאַרהאַן, אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אַן „ענטשולדיגונג", כדי מען זאָל די פאָרשטעלונג קענען אָנרופען מיט א שעהנעם נאָמען און אויפפיהרען אין אַן ערשטע קלאַסע הויז אויף בראָדוויי. אין דער אמת'ן איז „פּאַטעש און פּערלמוטער" א וואָדעוויל, און אַלס אַזעלכעם איז עס איינע פון די אַמוזירענדסטע, וויציגסטע און פרעהליכסטע זאַכען, וואָס ניו־יאָרק האָט שוין זייט פיעלע יאָהרען ניט געזעהן.

די פאָרשטעלונג איז א בורלעסק. א קאַריקאַטור פון אידישע ביזנעס־לייט אין דער קלאָוק־אינדוסטריע. די צוויי העלדען זיינען פּאַרטנער אין א קלאָוק־פּעקטאָרי, וועלכע געפינט זיך אין ערשטען אַקט אויף איסט־בראָדוויי, אין צווייטען אַקט אין פיפט עוועניו און אין דריטען אַקט שוין גאָר אין באַנקראָט. חוץ זיי שפּיעלט אַן אנגעזעהענע ראָלע מאַקס פּאַסינסקי, א בייער פאַר רייכע דעפּאַרטמענט־סטאָרס (אידישע, פערשטעהט זיך) אין פערשיעדענע שטעדט; און מאָזעס ראַבינער, א סיילסמען, וועלכער פּערמאַגט ניין מאָל רייד און גאַנצע צעהן מאָל בלאָף. עס איז אויך דאָ א לאָיער, א פיקער און א שווינדלער, וועלכער הייסט פעלדמאַן, און א פרוי ראָזי, מרס. פּאַטעש, וועלכע שפּיעלט פינאַקעל „אום איהר מאַן זאָל קענען ארייגעהן אין הויכע „געזעלשאַפט".

דיזע פערזאָנען זיינען אייגענטליך די נשמה פון דער פאָרשטעלונג. זיי זיינען דאָס די גרויסע קאָמעדיאַנטען, וועלכע קיצלען דעם עולם אָהן רחמנות. פאַר דעם שטיקעל פלאַט, וועלכער מוז דאָך זיין מעהר אָדער וויינינער ערנסט, איז דא אן אנדער גרופּע פערזאָנען. דערויף איז דאָ באָריס אנדרעעוו, דער בוכ־קיפער פון דער פירמע, אן אידעאַליסט, אַ מו־זיקאַלישער ארטיסט, וועלכער איז נאָך אַ פּאָגראָם און צוליעב א בלבול אַנט־לאָפען פון רוסלאַנד ; אַ דיזיינער מיידעל רוט גאָלדמאַן, אַ שעהנע, אַ געראַטענע, אַ קלוגע, אַ פעהיגע, אַ מענש מיט אַלע מעלות

מענגעדזשערס דאָרטען וואגען עס ניט. זיי ווייסען, אַז אזא פּיעסע קאָן קיין גרויסען ער־פאָלג ניט האָבען.

איין פערזאָן בלויז איז אין דער פּיעסע פּאַראַן, וועלכע איז אבשטויסענד, קאָרופּט און פערדאָרבען. דאָס איז לאָיער פעלדמאַן. אָבער טראָצדעם וואָס ער טראָגט אַ כאַראַקטעריסטי־שען אידישען נאָמען און האָט אויך א לאנגען אויסגעדרעהטען נאָז, מאַכט ער אויף דער ביהנע ניט דעם איינדרוק פון א אידען. די מיאוס'ע זאַכען, וואָס ער טהוט, די ארט שווינדלעריי, וועלכע ער פּראַקטיצירט, די „סקימס" און די פּלענער זיינע, זיינען ניט פון יענעם סאָרט,



א סצענע פון 2טען אַקט „פאַטעש און פערלמוטער"

און אָהן איין ברעקעל חסרון ; אירמא פּאַטעש, אייב פּאַטעש'ס אַ טאָכטער, וועלכע ליעבט באָריס'ען און ווייטער גאָרניט.

אַ בורלעסק אויף אידישע ביזנעס־לייט, פון וועלכען מען ווערט איינפאך קראנק לאַ־כענדיג. די וואָס הערען דאָס קענען מיינען, אז דאָס איז אַ פּיעסע, אין וועלכער מען מאַכט חוזק פון אידען, אין וועלכער דער אידישער ביזנעס־מאַן ווערט פאָרגעשטעלט אין דער גע־וועהנליכער וואָדעוויל־פאָרם. דאָס איז אָבער א טעות. אין די גרויסע טעאַטערע אויף בראָדוויי מאַכט מען פון אידען ניט חוזק. די

אין וועלכען די גוים, אפילו די פיינדליכע, בע־שולדיגען דעם אידען. ער האלט אין איין טענה'ן : „איך בין אַ לאָיער". דאָס איז זיין ענטפער אויף אַלע עולות, וואָס ער בעגעהט, און דער עולם פיהלט טאַקע, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאריקאַטור פון דעם שלעכטען עלע־מענט צווישען אַ מ ע ר י ק א נ ע ר לאָיערס.

די איבריגע פינף קאָמישע פערזאָנען זיי־נען שוין יא אידישע. וועגען דעם קאָן קיין טעות ניט זיין. זייערע רייד, זייערע געדאנקען, זייערע מיינונגען, זייערע אנשויאונגען, זייערע פּלענער און זייערע געפיהלען זיינען אידישע :

נאטירליך, שרעקליך איבערטריבען, שרעקליך צוקריפּעלט, שרעקליך צוקאליעטשעט, אָבער אידיש איז עס.

און דערפאר איז עס וויכטיג צו וויסען, אז דיעזע פּערזאָנען זיינען געמאהלען אָהן א שום פיינדליכען אָדער שפּאָטישען געפיהל צו אידען. א קאריקאטור קען געמאכט ווערען פון א פריינד אזוי גוט ווי פון א פיינד. א קארטון אין א צייטונג קען געמאָלט ווערן מיט סימפּאטיע צו דער פּערזאָן אָדער מיט פעראכטונג. אין „פּאטעש און פּערלמוטער" זיינען די קאריקאטורען פון דעם ערשטען סאָרט.

דער בורלעסק ווערט געמאכט בלויז אויף געוויסע מידות און געוואוינהייטען פון די רוסישע אידען. די אידישע נערוועזיטעט, ענערגיע, דאָס ווארפען זיך, דאָס מאכען מיט די הענד — דאָס ווערט אלץ שרעקליך איבערטריבען. די אידישע שארפזיניגקייט ווערט אויך עקספּלואטירט : די העלדען האלטען אין איין זאָגען וויצען, — וויצען, וועלכע זיינען ווירקליך בליצען פון אידישען הומאָר און דער טעאטער ווערט צוזעצט לאבענדיג.

אויף ווי וויט די פּערפאסער פון דער פּיעסע זיינען זיכער געווען, דאָס די צושויער וועלען פיהלען די טיעפסטע סימפּאטיע פאר'ן הויפּט־העלד פון דער פּיעסע, פאר מאריס פּערלמוטער, קען מען זעהן פון דעם פאָלגענדען פאקט. אין דעם לעצטען אקט, אייניגע מינוטען, איידער דער פאָרהאנג פאלט, קומט פאָר א סצענע, אין וועלכער די דיזיינערין רוטה גאָלדמאן, שטימט איין צו ווערען די פרוי פון דעם באנקראָטירטען פּערלמוטער. אין דער פּיעסע איז רוטה גאָלדמאן די בעליבטסטע פּערזאָן. ווי שוין געזאָגט, איז זי א מיידעל מיט אלע מעלות. דערצו איז זי אן עכטע אמעריקאנערין. אויסער דעם נאָמען איז אונמעגליך צו דערקענען, אז זי איז אן אידיש קינד. זי וויליגט איין צו הייראטען מיט פּערלמוטער, ווייל זי געפינט אין איהם א בראווען מענשען מיט א גוט הארץ און א ברענענדע, ענערגישע נשמה. ער בעצויבערט איהר, טראָצדעם וואָס זי איז גאָר ארטיסטיש גענייגט.

אויף דער ביהנע ווערט די ראָלע געשפּיעלט פון א זעהר בעליעבטער ארטיסטין (א קריסטין), און ווען זי אומארמט פּערלמוטער און ערקלערט, אז זי וויל פעראייניגען איהר שיקזאל מיט זיינעם, ברעכט אונערווארטעט אויס א דונער מיט אפּלאָדיסמענטען. דער עולם איז פון דיעזען שידוך צופריעדען. דער עולם אנערקענט, אז איהר מיינונג וועגען פּערלמוטער איז ריכטיג.

אייניגע קורצע סצענען זיינען יא דאָ, וועלכע גיבען א ביסעל א שטאָך. אין איין פּלאץ זיינען די צוויי מאנופעקטשורערס צו שמייכלעריש, צו הכנעה'דיג צו א רייכען בעזורכער. אָבער דער גביר איז גראדע א איד, און דאָס מאכט די לאגע א ביסעל לייכטער. אייניגע מאָל צייגען זיך די פּארטנער ארויס א ביסעל צו קארג, שנאָרעריש זאָגאר. זיי זיינען גאנץ רייך און דאָך עסען זיי אין ביליגע לאָנטש־רומס און זשאלעווען צו טריטען זייער א קאָסטימער מיט א דינער. אָבער דאָס ווערט אלץ גערעדט אין א ווין און עס געהט אוועק מיט א געלעכטער, קיין איינדרוק מאכט עס ניט. אין די איינדרוקספולע סיטואציאָנען און האנדלונגען איז פון שטאנדפּונקט פון אידישען שטאָלץ ניטאָ אויף א האָר וואָס אויסצוזעצען.

קריטיקירען די פּיעסע אלס א ווערק, אלס א קונסט־ווערק, קען מען ניט. זי פּרעטענדירט ניט דאָס צו זיין. די מענעדזשערס אויף זייערע אנאָנסען רופען איהר זאָגאר ניט קיין פּיעסע. זייער נאָמען פאר איהר איז אן „אפּ טו דייט סוט אין דריי טהיילען".

„טו־דעי"

שאמער'ס פּיעסע „סטיילס" האָט א פּיעל גרעסערן ערפאָלג אויף דער ענגלישער ביהנע, וואו זי ווערט געשפּיעלט אונטער דעם נאָמען „טו דעי", ווי זי האָט געהאט אין דעם אידישען טעאטער.

הייסען הייסט עס, אז די פּיעסע איז איבערגעמאכט געוואָרען פון דעם בעקאנטען ענגלישען דראמאטורג ברוידהוירסט. אָבער די גאנצע בעארבייטונג בעשטעהט אין דעם, וואָס די ביהנע האָט מען אנדערשט אויסגעשטאטעט און מען האָט געענדערט די נעמען פון די העלדען. אויף דער ענגלישער ביהנע רופט מען זיי מיט קריסטליכע נעמען און זיי זיינען קריסטען.

אין די ערשטע דריי אקטען איז „טו דעי" א צוצויגענער געשפּרעך איבער דער היינטיגער פרוי פון די העכערע פּענסטער. האנדלונג איז דאָרטען פארהאן אזוי ווייניג, אז עס קלעקט קוים פאר א האלבען אקט. אָבער דער עולם איז פעראינטערעסירט און הערט זיך אויפמערקזאם צו, ווייל די טעמא איז איצטער אויף דער טאגעסארדנונג. די מיינונגען וואָס ווערען אויסגעדריקט זיינען זעהר מאָדערן און די פאקטען, וואָס ווערען דערצעהלט, שמעקען מיט סקאנדאל פון א קיצלדיגען ארט. דערצו קומען אלע וויילע אויף דער ביהנע ארויס אן עלטערע פּאר־פּאָלק, וועלכע אונטערהאלטען דעם עולם מיט זייער נאטירליכען און גאנץ אנגענעהמען הומאָר.

די גאנצע דראמע שפּיעלט זיך אייגענטליך אָפּ אין פערטען אקט. דאָרטען דערוויסט זיך דער מאן, אז זיין פרוי, מיט וועמען ער וואוינט און וועמען ער ליעבט, פערקויפט זיך צו אנדערע אום צו פערדיענען אויף קליידער. די „מאדאם", וועלכע איז איהר אגענטין, מאכט

פאר איהם אן אפאינטמענט דיעזע דאמע צו בעגעגענען פאר א „גוד טיים“. די מאדאם ווייס, נאטירליך, ניט ווער ער איז. די פרוי זיינע פאלגט דעם אפאינטמענט, און ווען ער קומט זיך מיט איהר צונויף דער׳הרג׳עט ער איהר.

דיעזער אקט איז שרעקליך מעלאדראמאטיש. דערצו איז ער אנגעלאדען מיט אנצוהערענישען פון א געוויסען סארט אין די ביידע זאכען צוזאמען בריינגען מיט, אז די פיעסע זאל אזוי ביים גרויסען המון „אויסנעהמען“.

„סטיילס“ איז געווען איינע פון די ערגערע פיעסען אויף דער אידישער ביהנע. איז דאס פיעלייכט די אורזאכע, וואס זי נעהמט אזוי אוים אויף דער ענגלישער ביהנע ?

„דער געלער בילעט“ (אין ענגליש).

פון א ליטעראַרישען שטאנדפונקט איז דיזע פיעסע ניט בעסער און ניט ערגער, ווי די דורכשניטליכע פארשטעלונגען אויף בראדוויי. פון אן ארטיסטישען שטאנדפונקט איז גראדע גאנץ נישקשה. און ווי ווייט די דראמא ערלויבט עס, שאפען די אקטיארען לעבעדיגע פערזאנען. אבער דער הויפט אינטערעס, וואס די פיעסע האט פאר אונז, אידען, איז צוליעב דעם מוסר השכל, צוליעב דער מאראל, וואס זי פרעדיגט. דער ערנסטערער אמעריקאנער געהט נאך אלץ אין טהעאטער זעהן דעם טריאומף פון גערעכטיגקייט און די ניעדערלאגע פון אונגערעכטיגקייט און פערדארבענהייט. עס איז דארום פאר אונז גאנץ אנגענעהם צו וויסען, דאס דער „געלער בילעט“ שילדערט די טיראניי פון רוסישען צאר, די שווידערליכע פערברעכענס, וואס רוסלאנד בעגעהט געגען די אידען.

דער אינהאלט פון דער פיעסע, דער „פלאט“, איז מעלאדראמאטיש. אין ערשטען אקט פאסירט דאס פאלגענדע: אן אמעריקאנער זשורנאליסט ערקלעהרט זיך פלוצלינג אין ליעבע צו א רוסישע גובערנאנטקע, וואס דיענט ביי א רייכער אמעריקאנער פאמיליע אין פעטערבורג; גלייך נאך דעם האט דערזעלבער זשורנאליסט א געשפרעך מיט דעם הויפט פון אכראנע. ער מאכט פון רוסלאנד אש און בלאטע; דאן דערוויסט מען זיך, אז דער דיענער אין דעם רייכען אמעריקאנער׳ס הויז איז א שפיאן פון דער אכראנע. דערנאך ווערט אויפגעדעקט, דאס די גובערנאנטקע איז א אידיש מיידעל מיט א געלען בילעט. זי האלט א לאנגע רעדע, אין וועלכער זי דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי זי איז געצוואונגען געווען ארויסצונעהמען דעם געלען בילעט,

א סצענע פון 1טען אקט „טו דעי“

אום צו קענען פאהרען זעהן איהר קראנקען שטארבענדען פאטער אין פעטערבורג.

אין צווייטען אקט פערנארט איהר דער הויפט פון דער אכראנע אין זיין רייכען פא־לאץ. ער וויל איהר דארטען שענדען און זי דערשטעכט איהם מיט א העט־פין.

דער אמעריקאנער זשורנאליסט און די אידישע מיידעל.

אין דריטען אקט קומט דער אמעריקא־נער זשורנאליסט אין דער אכראנע פאדערען גערעכטיגקייט פאר זיין געליבטע. דער נייער הויפט וויל פון אנפאנג איהם ארעסטירען און אהן א טרייעל בעגראבען ערגעץ אין א טורמע. אבער דער אמעריקאנער האט זיך געגען דעם בעווארענט בעפאר. איידער ער איז אין דער אכראנע געגאנגען, האט ער געלאזט וויסען דעם אמעריקאנער אמבאסאדאר וועגען זיין גע־פאהר. ער סטראשעט, דאס אויב מען וועט דער מיידעל ניט בעפרייען, וועט ער פאר דער וועלט אויסזאגען דעם שענדליכען סקאנדאל, וועלכער האט געפיהרט צום טויט פון רוס־לאנד'ס געוועזענעם שעף פון דער געהיים פא־ליציי. דער נייער שעף דערשרעקט זיך און בעפרייט דער מיידעל, אויף דער בעדינגונג זי זאל גלייך פון רוסלאנד אפפאהרען. די ענדע איז נאטירליך, דאס דער זשורנאליסט און די אידישע מיידעל פאהרען ביידע אפ קיין אמע־ריקא, וואו זיי וועלען מן הסתם הייראטהען און לעבען גליקליך.

די כאראקטערע זיינען געשילדערט אויף דעם בעוואוסטען מעלאדראמאטישען שטייגער: די גוטע פערזאנען זיינען מיט אלע מעלות, די שלעכטע מיט אלע חסרונות, און די איבריגע זיינען סתם ברואים אהן א טעם און אהן א ריח.

וואלט דער אמעריקאנער עולם געוואוינט געווען צו בעסערע דראמאס, וואלטען מיר, אידען, וועניג נחת געקליבען פון דעם „געלען בילעט". די גוטע, שעהנע זאכען, וואס ווע־רען דארטען געזאגט וועגען אידען, די ווער־טער־קלעפ, וואס ווערען דארטען געגעבען דער רוסישער רעגיערונג, וואלטען דאן געקלונגען מעשה בורלעסק. אבער אזוי ווי די פיעסע איז צוגעפאסט צום אמעריקאנער גע־שמאק, אזוי ווי זי איז פון זעלבען שניט ווי אלע בראדוויי'ער גרויסע היטס, בעקומען דיעזע פראזען א גאנץ גוטען ווערטה. די טהעאטער געהער נעהמען די מעלאדראמא ערנסט און צוזאמען מיט איהר נעהמען זיי ערנסט אלעס, וואס ווערט אין איהר געדרש'ענט. זיי קלוי־בען נחת פון דעם „פלאט" און פון די כא־ראקטערע, און דערפאר מוזען זיי אויך ארא־שלינגען, צי זיי ווילען, צי זיי ווילען ניט, אלעס, וואס איז אריינגעוועבט אין דעם פלאט און די כאראקטערע.

און דערפאר איז דער „געלער בילעט" פאר אונז אידען א גאנץ אנגענעהמע ערשיי־

נונג. עס איז אנגענעהם צו זעהן, ווי אויף א בראָדווייער סטיידזש ווערען צוזאַמענגעבראַכט אַן אַמעריקאַנער און א רוסיש אידישע מיידעל און זיי ביידע שטעהען פעראייניגט אין קאַמפּף פאַר אמת און גערעכטיגקייט געגען די פערפאָלגונגען, וואָס די אידען שטעהען אויס אין יענער פינסטערער מדינה. עס איז אנגענעהם צו זעהן, ווי אין דעם קאַמפּף צייגט די אידישע מיידעל ארויס גרעסערע העלדישקייט, טיעפערע געפיהלען און שעהנערע ליעבע, ווי זאָגאַר דער פאָלקאָמענער אַמעריקאַנער. עס איז אנגענעהם צו זעהן ווי די ראָלע פון דער אידישער מיידעל ווערט געשפּיעלט פון א ווירקליך שעהנע, העכסט בעליעבטע און גאַנץ טאַלענטפולע יונגע אקטריסע.

דאָס שפּיעלען איז כמעט דורכאויס גוט. עס בעטייליגען זיך אין דער פּיעסע ניט וועניגער ווי פינף אַנערקענטע סטאַרס. עס פערשטעהט זיך, ניט אלע אַנערקענטע סטאַרס האָבען טאַלענט. אָבער אין דיזען פאַל זיינען די הויפּט צוויי כאַראַקטערע: די אידישע מייעדל און דער טשיף פון דער אָכראַנע — די הענד פון ווירקליך גוטע אַקטיאָרען. די אַנדערע דריי „סטאַרס“ זיינען אויך ניט שלעכט.

ביבליאָגראַפיע

„אידישער יאָהרבוך“, ארויסגעגעבען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

צו די אויסגאַבען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע— 4-5 בראָשורען און דער צוויי וועכענטליכער „אידישער סאָציאַליסט“ — איז צוגעקומען נאָך איינע — דער יאָהרבוך — אייגענטליך אַ אידיש־סאָציאַליסטישער לוח פאר דאָס יאָהר 1914 און אן אינפאָרמאַציאָנס־בוך. אַלס אַזעלכער איז ער אין אַלגעמיין ניט שלעכט צוזאַמענגעשטעלט. דער לעזער געפינט דאָ סטאַטיסטיקס איבערפול און אַלערליי נויטיגע ידיעות, וועלכע קענען אהם פעראינטערעסירען. דער ציערונג פון לוח איז אָבער דער פריוויהויטס־קאַלענדאַר, א כראָנאָלאָגיע פון די וויכטיגסטע געשעהעניסען אין דער פריויהייטס־און אַרבייטער־בעוועגונג, אויסגעשטעלט לויט די דאַטומס פון גאַנצען יאָהר. דער פריויהייטס־גייסט האָט קיין איינציגען טאָג ניט גערוהט! אין אידיש איז עס א נייעס.

דער אידיש־סאָציאַליסטישער טייל בעשטעהט פון איבערזיכטען און אַרטיקלען. די וויכטיגסטע זיינען, נאַטירליך, די איבערזיכטען — די פּאַסירונגען פון אידישען לעבען, פון דער אַרבייטער בעוועגונג פאר דאס יאָהר 1913; אן ארטיקעל איבער דער אַרבייטער בעוועגונג אין רוסלאַנד, געשריעבען פון אונזער גאַסט גענ. מאַקס גאָלדפאַרב — און נאָך אַ פּאָר אַנדערע אינטערעסאַנטע ארטיקלען, וואָס האָבען אָבער מיט אַזאַ סאָרט יאהר־בוך קיין שייכות ניט. עס בעט זיך אזוי אן איבערבליק איבער דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אויסלאַנד און אין אַמעריקאַ, און דאָס פעהלט. אַזאַ אויסגאַבע האָט געדאַרפט האָבען סאָציאַליסטישע ידיעות, סטאַטיסטיקס אין איבערפלוס. איין ארטיקעל פון גענ. י. ב. סאַלוצקי איבער דער אידישער פעדעראַציע איז ניט גענוג. וואָס שייך פלאַן, האָבען געמעגט אויספעהלען איניגע ארטיקלען.

ווייטער מערקט זיך, אַז די אידישע און סאָציאַליסטישע ארטיקלען צוגעהען זיך — אין די אידישע פעהלט דער סאָציאַליסטישער שטאַנדפּונקט, אין די סאָציאליסטישע — דער אידישער. אָבער דאָס איז ניט די שולד פון די שרייבער אָדער צוזאַמענשטעלער, נור פון גאַנצען אמעריקאַנער אידישען סאָציאליזם, וועלכער האָט פערבונדען זיינע ביידע טיילען: „אידישקייט“ און „סאָציאַליזם“ בלויז אין שרייבען, אויפ׳ן פּאַפּיער.

פאר די אלע חסרונות זיינען מיר אָבער צופריעדען מיט דעם, וואָס מיר האָבען פאר זיך אַ נייע זאַך — א אידיש־סאָציאַליסטישען יאהר־בוך. דער איינפאל גופא פערדיענט שוין אונזער אַנערקענונג. דער טהעטיגער און פּראקטישער גייסט פון דעם אָפּיס פון דער אידישער פעדעראציע לאָזט זיך דערקענען אין דיעזער אויסגאבע, הגם נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען די טהעטיגקייט און גייסט פון דער גאַנצער פעדעראציע וואָלט זיך אין איהר אָבגעשפּיעגעלט.

מיר ווינשען דעם „יאהר־בוך“ ערפאָלג, כדי איבער־א־יאָהר זאָלען מיר קענען האָבען נאָך א בעסערען, פאָלשטענדיגערן יאָהרבוך.

ב. ר.

א. ליעסין

אַן ענטפער צו דער רעדאַקציאָן פון „פאָרווערטס“

עס איז ניט די אויפגאַבע פון דער „צוקונפט“ צו פערנעהמען זיך מיט קיבעצעריי, מאָרדע־רייבעריי און עהנליכע סאָרטען ליטעראַטור. מיר האָבען דערפאַר קיין פלאַץ ניט און אויך קיין געשמאַק ניט. עס זיינען אָבער פאַראַן געוויסע פעלע, געוויסע אַנגריפע, וועלכע מען קען ניט פערשווייגען. און אָט אַזאַ פאַל איז דער אַנגריף, וואָס די רעדאַקציאָן פון „פאָרווערטס“ האָט די לעצטע טעג געמאַכט אויף דער „צוקונפט“.

מיר וועלען רעדען גאַנץ אָפענהערציג. אונז וואָלט ווייניג געקימערט, ווען אַזאַ אַנגריף וואָלט געמאַכט געוואָרען אין אַן אַנדער צייטונג. די „צוקונפט“ ווערט אָבער ארויסגעגעבען פון דער זעלבער אַסאָסיאיישאָן, וואָס גיט ארויס דעם „פאָרווערטס“. און וואָס קען דאָ דער עולם דענקען! דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ וואָלט קיין מאָל ניט ערלויבט אָנצוגרייפען דעם „פאָרווערטס“ ביי זיך אין „פאָרווערטס“. די „צוקונפט“, דענקט מען, איז א טהייל פון „פאָרווערטס“. און דאָך ווערט די „צוקונפט“ יע אָנגעגריפען אין „פאָרווערטס“. און ווי נאָך! צו אַש און צו בלאָטע געמאַכט! הייגט ווי ערקלערט מען אַזאַ איבעראַשענדען גרויסמוטה? אויב אייגענע מענשען רייסען אַזוי ארונטער זייער אייגענעם זשורנאַל, דאַן איז דאָך זיכער, אַז דער זשורנאַל האָט דורכאויס קיין בעסערען שיקזאַל ניט פערדיענט.

אַלזאָ, מוזען מיר דאָ דעם עולם אויפקלערען.

די „צוקונפט“ ווערט ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס“ אַסאָסיאיישאָן, אָבער ניט פון דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“. און דאָס איז א גרויסער אונטערשיעד. די „צוקונפט“ איז אין קיין פאַל ניט א טהייל פון דעם „פאָרווערטס“. מיר ווילען עס שטאַרק בעטאָנען. מיר ווילען עס קלאָר מאַכען פאַר'ן פובליקום. די אַסאָסיאיישאָן ערוועהלט א פעראַנטוואָרטליכען רעדאַקטאָר פון „צוקונפט“, אַזוי ווי זי ערוועהלט א פעראַנטוואָרטליכען רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“. און דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ האָט אין דער „צוקונפט“ קיין שום דעה ניט; ממילא האָט ער אויך פאַר איהר קיין שום התחייבות ניט. ער קען זיך בעציהען צו איהר פריינדליך און אויך פיינדליך. וויל ער, קען ער דעם זשורנאַל לויבען און ערהויבען; וויל ער, קען ער דעם זשורנאַל לייגען אין דער ערד. קיין קאָנטראַקט האָט מען מיט איהם וועגען דעם ניט געמאַכט, קיין אָפיציעלען תנאי ניט אויסגענומען.

איז ער גראַדע צו דער „צוקונפט“ גיכער פיינדליך, איידער פריינדליך — טראַכטן דעם וואָס זי איז א גרויסער ערפאָלג. פאַר וואָס? ווער ווייס! טיעף איז דער גייסט פון דעם מענשען און ווער קען איהם אויספאָרשען!

א גאַנצען יאָהר האָט מען די „צוקונפט“ פערשוויגען — רעדאַקציאָנעל פערשוויגען. די אַדווערטייזמענטס, וואָס די מענעדזשמענט פלעגט אריינשטעלען — דאָס איז געווען דאָס איינציגע, וואָס מיר האָבען געהאַט אין אונזער צייטונג. וויפיעל איז אָבער דער שיעור צו שווייגען! נו, האָט מען זיך א נעהם געטהאָן... ארונטערצורייסען.

אָט דעם דזשאָב אָבצוטהאָן האָט זיך אונטערנומען, ווי געוועהנליך, דער פיעל־געפּרופטער גענאָסע באַראַנאָוו. מיר גלויבען אָבער, אַז אַפילו גענאָסע באַראַנאָוו וועט מוזען צוגעבען פאָלגענדעס: ווען דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ וואָלט געווען ניט בלויז דער אָנגעשטעלטער פון דער אַסאָסיאיישאָן, נור טאַקי דער בעל־הבית, דער אייגענטהימער, דאַן וואָלט ער שוין בשום אופן ניט ערלויבט די „צוקונפט“ ארונטערצורייסען; גראַדע וואָס גרעסער עס וואָלט געווען דער ערפאָלג פון דער „צוקונפט“, אַלץ וועניגער וואָלט ער עס ערלויבט.

* * *

א גאַנצען יאָהר האָט מען די „צוקונפט“ פערשוויגען. „מיר האָבען זיך איינגעהאַלטען“ — שרייבט גענ. באַראַנאָוו. געבאָך! מיר שטעלען זיך פאָר וויפיעל געזונד דאָס האָט די אָרעמע מענשען געקאָסט. די געדולד האָט אָבער געפּלאַצט. גענ. באַראַנאָוו האָט אָנגעגורט די לענדען. און וואָס?

פריהער פון אַלץ האָט ער אָוועקגעלעגט א גאַנצע דרשה וועגען בעשיידענהייט — הלמאי מיר האָבען דערצעהלט צום סוף יאָהר, איבער דער גאַנצער לייגג פון א פּאָר שורות, אַז די נייע „צוקונפט“ איז אַן ערפאָלג. סטייטש, זאָגט ער, דאָס הייסט דאָך ריהמען זיך אליין! אָבער, גענ. באַראַנאָוו! אויב די זינד איז אַזוי גרויס, טאָ ווארום האָט איהר זיך ביז איצט ניט געווענדט מיט אַזאַ דרשה אויף צו אייער אייגענעם רעדאַקטאָר? פּרופט זיך נור א גראָב

טהאָן אין אייער זכרון. ניט אַ פּאָר שורות, נור גאַנצע לייט־ארטיקלען, צעהנדליגע לייט־ארטיקלען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט אזעלכע זינד. שופרות האָבען געשאַלט, גלעקער האָבען געקלונגען; עס האָט נאָכאַנאַנד אַלץ געשאַלט, געקלונגען און געהודזשעט וועגען דעם ערפאָלג פון „פאָרווערטס“, וועגען דער צירקולאַציאָן פון „פאָרווערטס“. נו, זאָגט זשע, ווערטהער, בראַווער גענאָסע, האָט איהר עפּעס ווען אַ פּיפּס געטהאָן וועגען דעם? און איצט קומט איהר אויף די קאָלומס פון דעם זעלבען „פאָרווערטס“ און איהר מאַכט אונז פאָרווירפע, הלמאי מיר האָבען איין מאָל אויסגערעדט זיך אַ פּאָר ווערטער, אז די „צוקונפט“ איז אַן ערפאָלג. נו, זאָגט זשע אַליין!

איהר זאָגט, אז מיר האָבען געדאַרפט זיין אַן אויסנאַהמע, און איהר האָט אמת צער געהאַט פון די פּאָר ניט בעשיידענע שורות אונזערע. טאָ ווארום האָט איהר שוין ניט געוואָרפען אַ בליק אויף די ווייטערע פּאָר שורות, וואָס וואָלטען אפשר אייער צער אַ ביסעל איינגעשטילט. אָט ווי דאָס לעזט זיך אין גאַנצען אין די רעדאַקציאָנעלע נאָטיצען פון פאָריגען נומער:

> „דער ערפאָלג פון דער נייער „צוקונפט“ האָט איבערטראָפען די בעסטע ערווארטונגען אונזערע. מיט אַ יאָהר צוריק וואָלט מען בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען זיך, אז די „צוקונפט“ זאָל זיך ווען־עס־איז פאַנאַנדערגעהן אין אזא גרויסער צאָהל, ווי זי געהט זיך פונאַנדער איצט.
>
> די „צוקונפט“ האָט איצט בעוויזען, אז אפילו אַן ערנסטער סאָציאליסטישער זשורנאַל קען אויך האָבען אַ גרויסען לעזע־פובליקום. און דאָס איז זעהר אַן אַנגענעהמע איבערראשונג פאר אלע פריינד פון דער אידישער ליטעראטור. אונזער לעזער שטעהט פיעל העכער, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר אין געוויסע קרייזען.“

פערשטעהט זיך, וואָלטען מיר צוליעב בעשיידענהייט ניט געטאָרט דערצעהלען, אז מיר האָבען א גרויסען לעזע־פובליקום, וואָלטען מיר דאָך אויך ניט געקענט ארויסברענגען דעם בעוויז, אז אפילו אַן ערנסטער סאָציאליסטישער זשורנאַל קען האָבען אַ גרויסען לעזע־פובליקום. און דאָס אייגענטליך האָבען מיר געוואָלט ארויסברענגען. ליידער איז אָבער גענ. באראַנאָוו געבליבען שטעהן הארטנעקיג דוקא ביי די ערשטע, ביי די ניט בעשיידענע שורות. האָט ער געהאַט אי צער, אי אַ טעות אין פּשט.

און רעדט מען שוין יע וועגען גרויסען לעזע־פובליקום פון דער נייער „צוקונפט“, וועלען מיר שוין איבערלאָזען אויף באראַנאָוו'ס בעראָט אַלע בעשיידענהייטען און מיר וועלען דאָ בעריהרען אַן אַנדער ענין, וואָס וועט זיין פיעלייכט אונאנגענעהם, אָבער נוצליך און בעלעהרענד פאר אונזערע שכנים אין דער רעדאַקציאָן פון „פאָרווערטס“.

* * *

מיר האָבען וועניג סימפּאַטיע מיט די העררען, וועלכע שרייבען ווי א רוסישער שריפטשטעלער האָט זיך א מאָל אויסגעדריקט, אימער מיט אַ באַס־שטימע. אזוי ווי אַ קינד מאַטערט זיך אָפטמאָל צו רעדען מיט דער גראָבער שטימע פון אַן ערוואקסענעם מענשען, כדי אויסצוקומען וואזשנע־גרויס, אזוי שרייבען יענע העררען וואָס שווערער און וואָס האמעטנער, כדי אויסצוקומען טיעף־וויסענשאַפטליך. צו דערזעלבער צייט האָבען מיר אָבער אויך אזוי וועניג סימפּאַטיע מיט די העררען, וועלכע שרייבען אימער מיט א דינינקען סאָפּראַנאָ־קול'כעל. אזוי ווי אַן ערוואַקסענער מענש מאַטערט זיך אָפטמאָל צו רעדען מיט אַ קינדערשער שטימע, כדי צו צומאַכען זיך צו אַ קינד, אזוי שרייבען יענע העררען וואָס דראָבנער און וואָס קוויטשקעדיגער, כדי אויסצוקומען תם'עוואטע־פאָלקס־קינדיש.

דער שרייבער פון דיעזע צייל͏ען האָט אימער געדענקט, אז מען דארף רעדען צו אונזערע לעזער מיט אַ נאַטירליכע שטימע, ווי ערוואַקסענע מענשען צו ערוואקסענע מענשען, ווי ציווילעזירטע מענשען צו ציווילעזירטע מענשען — אָהן קיין קרימעניש אין איין זייט אָדער אין דער צווייטער זייט. אָט אויף אזאַ אופן האָט גערעדט אונזער זשורנאַל. און די ניט־געקינצעלטע, ניט־געקרימטע, נאַטירליכע שטימע פון דער נייער „צוקונפט“ האָט שוין דערגרייכט צעהנדליגע טויזענדער נייע לעזער, און זייער צאָהל וואַקסט אַלץ און וואַקסט.

דער שרייבער פון דיעזע צייל͏ען פלעגט אימער האָבען חלוקי דעות מיט'ן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“: ווי דארף מען שרייבען אין אונזער מאַמע לשון? 1500 לעזער — דאָס איז געווען די העכסטע צאָהל, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ פלעגט בעוויליגען צום סאָרט שרייבען, וואָס איז איצט איינגעפיהרט אין דער „צוקונפט“. נאַטירליך, דאַן האָט קיינער דעם חשבון ניט אונטערזוכט. דאָס איז גיכער געווען אַ גזר, איידער אַ חשבון. און ערשט איצט קען מען עס שוין דערגעהן מעהר אָדער וועניגער גענוי. און לאָז אונז גענ. באראַנאָוו ענטשולדיגען פאר די ניט בעשיידענע ציפערן: ווען דער שרייבער פון דיזע צייל͏ען האָט איבערגענומען די רעדאַקציאָן פון דער „צוקונפט“, האָט ער ערווארטעט דאָס העכסטע, אז אין פערלויף פון אַ יאָהר זאָל די צירקולאציאָן שטייגען ביז 10 טויזענד. עס זיינען אָבער ניט פאָראיבער קיין דריי מאָנאַטען און די צירקולאַציאָן פון דער נייער „צוקונפט“ איז שוין געווען 17 טויזענד.

17 טויזענד קויפער — דאָס זיינען אָהן צווייפעל 51 טויזענד לעזער. דאָס איז געווען,

ווי געזאָגט, מיט 9 מאָנאַטען צוריק. פערשטעהט זיך, אַז זייט דאַן איז נאָך די צירקולאַציאָן אַ רעכט ביסעל געשטיגען.

דער קאַרגער גענ. באַראַנאָוו פערגינט אונז בשום אופן ניט דעם קרעדיט. ער זאָגט: „גענ. ליעסין אליין וועט צוגעבען, אַז אם ווענינגסטען אַ העלפט דאַרף פערשריבען ווערען אויף׳ן קרעדיט פון די רייכע שווער און שוויגער, וועלכע האָבען אריינגענומען דעם זשורנאַל צו זיך אויף קעסט.“ ווילען מיר ענטפערען: ניין, גענ. באַראַנאָוו, ניין און ניין! דער קרעדיט קומט טאַקע אונז — די שרייבער פון דער נייער „צוקונפט“.

און אָט האָט איהר דעם בעווייז:

גאַנצע 9 מאָנאַטען פריהער איז די „צוקונפט“ שוין געווען אויף קעסט ביי די רייכע שווער און שוויגער. די פרייזען פאַר ארטיקלען האָט מען געצאָהלט די זעלבע, וואָס מען צאָהלט איצט (פערהעלטניסמעסיג גאָר ניט קיין הויכע); אין דעם עדיטאָרעל־באָארד פון דער „צוקונפט“ זיינען געווען 5 „פאָרווערטס“־גענאָסען, פון וועלכע איינער איז געווען דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס“ און דער צווייטער דער אסיסטענט־רעדאַקטאָר. און דאָך איז די צירקולאַציאָן געבליבען פערגליווערט אויף איין פונקט — אויף זעהר אַ נידעריגען פונקט. אַזוי האָט אונז ערקלערט גענ. העלד, דער מענעדזשער פון „פאָריווערטס“, בעת מיר האָבען די רעדאַקציאָן איבערגענומען. אמת, מען האָט נאָכהער פערגרעסערט דעם זשורנאַל אויף אַ האַלבען בויגען. דאָס אָבער וועט אפילו גענ. באַראַנאָוו מוזען צוגעבען, אַז אונטער אַנדערע אומשטענדען, אונטער די פריהערדיגע אומשטענדען, וואָלט אַזאַ פערגרעסערונג בעדייטעט נאָך אַ שווערערער באַלאַסט, אַ שווערערער שטאָף צו פערדייען.

היינט ווי איז דאָס דער נס געשעהן! גלייך פון אָנפאַנג, שוין אין פערלויף פון די ערשטע דריי מאָנאַטען, האָט די צירקולאַציאָן דערלאַנגט אַזאַ וואונדערליכען שפרונג. און דאָס קען מען דאָך ניט ערקלערען מיט קיינע אימיגראַציעס און קיינע סענסאַציעס. עס איז קאָמיש צו בעהויפטען, אַז אין פערלויף פון דריי מאָנאַט זאָל עס שוין די אימיגראַציאָן אַזוי ווירקען; עס איז צוגלייך קאָמיש צו בעהויפטען, אַז די נייע „צוקונפט“ האָט געהאַט אירגענד וועלכע סענסאַציעס. אמת, גענ. באַראַנאָוו האָט אונז געכאַפּט ביי אַ סענסאַציע. דאָס איז דער ארטיקעל פון כ. פאַוולאָוויטש, „אַ העכסט וויכטיגער געהיימער דאָקומענט“. אָבער אויף דעם האָט שוין גענ. באַראַנאָוו די חזקה — צו שפּיעלען אָפּטמאָל די ראָלע פון אַ קאָמיקער.

מיר שטעלען זיך פאָר, ווי מאַנכע פרומע גענאָסען שטעהען און קוועטשען אויף אונז מיט די פלייצעס. סטייטש, מיר רעדען אַזוי פיעל וועגען צירקולאַציאָן! און נאָך וואו? אין דער „צוקונפט“! ווילען מיר די פרומע גענאָסען בערוהיגען. צירקולאַציאָן אַן און פאַר זיך איז אַ גוטע זאַך — טאַקע גאָר אַ גוטע זאַך. אפילו די הייליגסטע סאָציאַליסטישע צייטשריפטען זאָרגען זיך וועגען דעם. שלעכט איז נור, ווען עס ווערען אָנגעווענדעט שלעכטע מיטלען, כדי די צירקולאַציאָן אָנצוטרייבען. און וואָס זיינען די מיטלען וואָס מיר האָבען אָנגעווענדט פאַר דער צירקולאַציאָן פון דער „צוקונפט“ — וועגען דעם האָבען מיר שוין געשריבען אין פאָריגען נומער. די הויפּט־זאַך איז ביי אונז געווען, אַז די „צוקונפט“ זאָל זיין אַ זשורנאַל, אַ אידיש־אַמעריקאַניש־סאָציאַליסטישער זשורנאַל אין פולען זינן פון וואָרט, און ניט בלויז אַ זאַמעל־בוך פון צופעליגע ארטיקלען. און דערצו נאָך זאָל דאָרט זיין אַלעס העכסט בעלעהרענד און צוזאַמען מיט דעם העכסט פערשטענדליך — ערנסט, אָבער ניט שווער, געוויסענהאַפט, אָבער ניט לאַנגווייליג, און ווי ווייט מעגליך, פערשיעדענאַרטיג, שעהן, אַנגענעהם.

און די גרויסע צירקולאַציאָן פון דער נייער „צוקונפט“ איז אָהן צווייפעל די שעהנסטע ערשיינונג פון אונזער ליטעראַרישער וועלט. מיר אַלע דאַרפען אויף דעם שטאָלץ זיין. קיינער האָט פריהער ניט געגלויבט, אַז אַן ערנסטער סאָציאַליסטישער זשורנאַל זאָל האָבען אַזאַ גרויסען לעזע־פּובליקום. די „צוקונפט“ האָט איצט בעוויזען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אַז....

אונזער לעזער שטעהט פיעל העכער, ווי מען האָט זיך עס פריהער פאָרגעשטעלט אין געוויסע קרייזען.

* * *

דאַביי אייגענטליך וואָלטען מיר שוין געקענט אונזער ערקלערונג ענדיגען. מיר ווילען אָבער נאָך אַ שמועס טהאָן מיט גענ. באַראַנאָוו.

איהר זייט טאַקע, ווי מיר ווייסען, בייז. אָבער ווען איהר וואָלט ניט געפריידיגט בעשיידענהייט פאַר אַנדערע, נור טאַקע אליין געווען בעשיידען, דאַן וואָלט זיך אייער בייזקייט אויסגעדריקט אַנדערש—ניט אין אַזאַ תחת חרב קריטיק, יעדענפאַלס. אָט האָט איהר זיך פערנומען צו פערניכטען אין עטליכע צעהנדליג שורות אַ גאַנצען דוצענד ארטיקלען פון אונזער יאַנואַר נומער. וואָלט איהר אָבער געווען בעשיידענער, דאַן וואָלט איהר פערשטאַנען ווי לעכערליך דאָס איז; איהר וואָלט ניט אַוועקמאַכען אונטער דער האַנד מיט אַן „אטמיעטקע“ אַזאַ שריפטשטעלער, ווי בעל מחשבות; איהר וואָלט אויפגענומען פיעל ערנסטער אַזאַ שריפטשטעלער, ווי פאַוולאָוויטש, פון וועלכען איהר קענט אימער און פיעלעס לערנען; איהר וואָלט אויסגעפונען, אַז די ארטיקלען פון מ. ווינטשעווסקי און מ. אָפּענהיימער זיינען ערשטע פון אַ סעריע, און איהר וואָלט דאָך מסתמא ניט געוואָלט זיין פון די לייטע, וועלכע מען טאָר ניט ווייזען קיין

האַלבע ארבייט; איהר וואָלט אין אַלגעמיין ווע־ניגער גע'חכמה'ט זיך און מעהר איינגעטראכט זיך. איהר וואָלט בעגריפען, אז ווען פראָפעסאָר שאַץ בעהויפטעט, אז עס איז ניטאָ קיין אידישע קונסט, דאַן דארף ער עס בעווייזען. דאָס קענט איהר אליין נור גלויבען, אז מען גלויבט אייך בלויז אויפ'ן וואָרט, אז איהר דאַרפט נור א שטעל טהאָן אן „אטמעטקע“ און דער לעזער איז שוין איבערציידט. ווער קען זיך אָבער צו אייך גלייכען אין אַזאַ אמונה!

און וואָס אַנבעלאַנגט אייער פּאראַי־בעל, הלמאי מען האָט געשריבען וועגען דעם יובילעאום פון דעם פּאָעט ריכאַרד דעה־מעל — איז דאָס נאָך גאָר קיין בעוויז ניט, וואָס איהר ווייסט פון איהם ניט. דעהמעל רעכענט זיך פאר'ן גרעסטען דייטשען דיכטער פון אונזער צייט, און עס איז נאָך מסתמא פאראַן פּיעלעס, זעהר פּיעלעס וואָס איהר ווייסט ניט.

און נאָך אַ פּאראַיבעל: בעליידיגטע טור־גענד... די קונסט־בילדער פון מעטראפאליטאן מוזעאום אין דער „צוקונפט“... איהר האַלט עס פאַר אונאנשטענדיג. אָבער, גאָט איז מיט אייך, זייט ווען איז מען דאָס אין אייער געגענד גע־וואָרען אזוי צניעות'דיג? עס איז ריכטיג, אזש וואהל צו דעם מענשען מיט אַ קורצען זכרון! אָדער פיליכט זייט איהר דאָרט אויף דער על־טער געוואָרען בעלי תשובה חטאים־ריניגער? טאָ נעהמט זיך צוזאַמען מיט מר. אַנטאָני קאָמ־סטאָק, און פערכאַפּט אויך מיט זיך מרס. קערי ניישאָן מיט'ן האַק, און שטורעמט דעם גרויסען ניו יאָרקער מוזעאום, און צושמעטערט די זינ־דיגע בילדער.

אַזוי איז עס, געג. באַראנאָוו, ווי דער דיכ־טער האָט אַ מאָל געזאָגט:

איך קען דעם מזמור, איך קען דעם טעקסט,
איך קען אויך די פערפאסער;
איך וויים, זיי טרינקען שטילערהייט וויין
און פּרעדיגען עפענטליך וואסער.



מאדערסילל'ס
רפואה צו זעעקראַנקהייט

צופריעדענהייט גאַראַנטירט אָדער דאָס געלט אומגעקעהרט.

אָפּיציעל אָנגענומען פון דאמפּשיפען קאָמ־פּאַניס — אינדאָסירט פון די גרעסטע אויטאָ־ריטעטען — און ווערט געברויכט פון רייזענ־דע אין דער גאַנצער וועלט.

עס ענטהאַלט ניט קיין קאָקיין, מאָרפין, אָפּיום, קלאָראַל אָדער אַנדערע בעטויבונגס פּראָדוקטען.

פערקויפט אין גוטע דראָג־סטאָרס. אַ 50ס. באַקס איז גענוג פאַר 24 שטונדען. אַ $1.00 באַקס איז גענוג פאַר אַ גאַנצע ים רייזע.

דער איינציגער מיטעל געגען ניט־גוטקייט.

אַ קאָפּיע פון מאדערסילל'ס טראַוועל בוך געשיקט פריי אויף פערלאַנג.

MOTHERSILL REMEDY CO., Detroit, Mich.

אויך אין 19 סט. ברייד סט., לאָנדאָן; מאָנט־רעאַל, נויאָרק, פּאַריז, מילאַן, האַמבורג.

נאָטיס צו אונזערע סובסקרייבערס

ווען איהר ענדערט אייער אַדרעס, ביטע מעלדעט אונז וועגען דעם ניט שפּעטער ווי דעם 15טען פון מאָנאַט, אום מיר זאָלען קענען אייך שיקען דעם נעכסטען נומער, אויף אייער נייער אַדרעסע.

די יעניגע וועלכע וועלען עס ניט טהאָן, וועלען מוזען פערלירען אַ נומער.

אַבאָנענגספּאָל,

סוב. דעפּט. „צוקונפט“.

Vol. XIX MARCH, 1914 No. 3

א. ליעסין

22,973 צוריקגעשיקטע

גערינקט די איבערפליסיגע מענשהייט, וואָס שטראָמט פון אלע ריכטונגען צו אמעריקאַ.
געדיינקט די גאַסטפריינדליכקייט, וואס אַנגעהערט צו נאַציאָנען און מענשען.
פערפלוכט זאל זיין די נאַציאָן, פרויען, מענער, אהן גאסטפריינדליכקייט.

וואָלט וויטמאַן.

22.973 אימיגראַנטען האָט מען פאָריגען יאָהר ניט אריינגעלאָזען אין די פעראייניגטע שטאַאטען.

22.973 צוריקגעשיקטע! מיר לעזען דיעזע ציפערן און אונזער אויפמערקזאַמקייט גליטשט זיך לייכט פערביי. אַזוי לעזען מיר אָפט אין א מלחמה־בעריכט, אז אזוי פיעל און אזוי פיעל טויזענדער זיינען געפאַלען אין שלאַכט. און דאָס זיינען ביי אונז ניט מעהר ווי ציפערן. און עס פייניגט אונז ניט די פאָרשטעלונג, אַז אזוי פיעל און אזוי פיעל טויזענדער לעבעדיגע מענשען האָבען דורכגעמאַכט די אַלע יסורים פון טויט, אַז ערגעץ ווייט־ווייט פון שלאַכטפעלד זיינען אזוי פיעל און אזוי פיעל טויזענדער געוואָרען אלמנות, יתומים.

22.973 צוריקגעשיקטע! דאָס זיינען 22.973 פעראומגליקטע, צובראָכענע מענשען; און ערגעץ ווייט־ווייט, אין די פערשיעדענע ווינקלען פון דער וועלט, זיינען עס א פאָאר צעהנדליג טויזענד פעראומגליקטע פאמיליען, אַ פאָאר צעהנדליג טויזענד צובראָכענע היימען — א ריעזיגער בית עלמין פון בעגראָבענע האָפנונגען, א גיהנם פון מענשליכע ליידען.

* * *

די 22.973 צוריקגעשיקטע זיינען עס געוועזען, פערשטעהט זיך, די אָרעמסטע צווישען די אָרעמע אימיגראַנטען. פרעגט זיך, צוליעב וואָס און צוליעב וועמען האָט מען זיי צוריקגעשיקט? צוליעב וואָס און צוליעב וועמען האָט מען אַ פאָאר צעהנדליג טויזענד אונגליקליכע היימען נאָך אונגליקליכער געמאַכט?

די אַנטי־אימיגריישאָן בעוועגונג איז זעהר אַלט אין אמעריקא. די ערשטע רעסטריקשיאָ־ניסטען זיינען געוועזען די אינדיאַנער. שפּעטער האָבען דעם אינדיאַנער שטאַנדפּונקט איבערגענומען אויף די ווייסע. די אינדיאַנער גראַדע האָבען אויף דעם געהאַט געוויסע רעכטע; זיי זיינען דאָך טאַקע געוועזען די אמת'ע אַלטגעזעסענע בירגער פון אַמעריקאַ. וואָס פאַר א רעכט האָבען אָבער אויף דעם די ווייסע, וועלכע זיינען דאָ אַלע אָהן אויסנאַהמע אליין אויך אימיגראַנטען? די אינדיאַנער, ווידער, האָבען אויף דעם געהאַט געוויסע אורזאַכען; וואָס גרעסער עס איז געוואָרען די צאָהל פון די ווייסע איינוואַנדערער, אַלץ קלענער איז געוואָרען די צאָהל פון די רויט־הויטיגע בירגער. די ווייסע רעסטריקשיאָניסטען קענען שוין אָבער אַזאַ אורזאַכע ניט אָנגעבען. אמת, איינער פון זיי, מיט א פּאַטענט פון א געלערטען, א געוויסער וואָקער, האָט זיך אָנגענומען מוטה און יע אָנגעגעבען אַזאַ אורזאַכע. ער האָט ערקלערט, אז די יענקים האָבען וועניג קינדער דערפאַר, ווייל עס קומען אָן צופיעל אימיגראַנטען. אָבער אַלע ווייסען, אַז האָבען וועניג קינדער איז גאָר א פאַריזער מאָדע, וואָס קומט פון דער פינפטער עוועניו, און האָט מיט'ן אימיגראַנט ניט צו טהאָן.

זאָגט מען אונז, אַז די איצטיגע אָרעמע אימיגראַנטען זיינען אין אַלגעמיין א געפאַהר פאַר'ן גליק און פאַר'ן פּאָרטשריט און פאַר דער ציוויליזאַציאָן פון אַמעריקאַ. ווער זיינען אָבער געוועזען די אמאָליגע אימיגראַנטען, די בויער פון דעם גליק, פון דעם פאָרטשריט און פון דער ציוויליזאַציאָן פון אַמעריקאַ? די אַמאָליגע אימיגראַנטען רופט מען געוועהנליך מיט'ן בכבוד'יגען נאָמען „סעטלער“ און מען דערצעהלט וועגען זייער וואַנדערונג פיעלע און

וואונדערליכע מעשיות. דאָס זיינען אָבער אַלץ לעגענדען, וואָס פאַנגען די פאַנטאַזיע פון שולקינדער. די היסטאָריקער גראַדע דערצעהלען וועגען זיי גאַנץ אַנדערע געשיכטען, וואָס קלינגען שוין גאָר ניט אַזוי שעהן.

די מעהרסטע „סעטלער“ האָבען געזוכט אין אַמעריקאַ ברויט און ניט הערליכע אידעאַלען; געטריבען האָט זיי אין דער נייער וועלט דער הונגער און ניט ערהאַבענע שטרעבונגען. און ניט נור האָבען זיי ניט געהאַט 25 דאָלאַר צו ווייזען ביים אָנקומען; זיי האָבען אַפילו ניט געהאַט צו בעצאָהלען פאַר דער שיפס־קאַרטע. פלעגען זיי לכתחילה אָפּמאַכען מיט'ן שיפס־קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל זיי פאַר'ן חוב פערקויפען אויף עטליכע יאָהר פאַר שקלאַפען. אין אַלע האַפען־שטעדט זיינען געווען אַזעלכע שקלאַפען־מערק. און אויב מען פלעגט זיי אין דער האַפען־שטאָדט ניט קענען אויספערקויפען, פלעגט מען זיי שמיעדען אין קייטען און אַוועקטרייבען אויף די גרויסע וועגען און אַרומפּעדלען מיט זיי איבער די דערפלאַך.

אַן אַנדער צאָהלרייכער קלאַס פון די „סעטלער“ איז בעשטאַנען פון פּשוט'ע פערברעכער. די רעגיערונג פון ענגלאַנד פלעגט זיי פערשיקען אין אַמעריקאַ און פערקויפען אויף געוויסע טערמינען אין שקלאַפעריי. נאָך גרעסערע צאָהלען „סעטלער“ פלעגען געבראַכט ווערען אין אַמעריקאַ פון קידנעפּער. ערוואַקסענע מענשען פלעגט מען פערנאַרען אויף די שיפען, קינדער פלעגט מען אַרויס'גנב'ענען פון די היימען, און מען פלעגט זיי אַוועקשלעפּען אין אַמעריקאַ און פערקויפען פאַר שקלאַפען. די רעגיערונג האָט געפּאַסט געגען די קידנעפּער שטרענגע געזעצע. דאָס פלעגט אָבער ניט העלפען. ביי אַ 10 טויזענד מענשען פלעגט מען קידנעפּען יעהרליך אין ענגלאַנד און מאַכען זיי איבערגעוואַלט פאַר „סעטלער“ אין אַמעריקאַ.

אין פערלויף פון יאָהרהונדערטע האָט איין שיף נאָכ'ן צווייטען געטראָגען אַהער די מענשען־וואַרע, וואָס האָט שפּעטער בעזעצט און בעפעלקערט די פּוסטע פעלדער און וויסטע וועלדער פון דער נייער וועלט. און אַט די אור־אייניקלאַך פון די אַמאָליגע אביונים־שקלאַפען שרייען עס, אַז דער איצטיגער אימיגראַנט איז אָרעם און ער איז דאַרום אַ שטערונג פאַר'ן פאָרטשריט פון אַמעריקאַ. די אור־אייניקלאַך פון די אַמאָליגע געקידנעפּטע קינדער שרייען עס, אַז דער איצטיגער אימיגראַנט ווערט פערנאַרט אַהער פון די שיף־קאָמפּאַניעס און ער איז דאַרום אַן אונגליק פאַר דער צוקונפט פון אַמעריקאַ. די אור־אייניקלאַך פון די אַמאָליגע פערברעכער שרייען עס איצט, אַז דער איצטיגער אימיגראַנט איז אונמאָראַליש און ער איז דאַרום אַ געפאַהר פאַר דער ציוויליזאַציאָן פון אַמעריקאַ.

זיי שרייען שוין אַזוי, די אור־אייניקלאַך, די יחסנים בני יחסנים, זייט לאַנגע־לאַנגע צייטען. און אונטער זייערע געשרייען איז די אימיגריישאָן אַלץ גרעסער געוואָרען און דאָס לאַנד איז אַלץ רייכער, אַלץ ציוויליזירטער געוואָרען. אַמאָל, ווען עס איז שטאַרק געווען די איירישע, די דייטשע און די סקאַנדינאַווישע אימיגריישאָן, האָבען זיי געשריען אַזוי געגען די איירישע, די דייטשען און די סקאַנדינאַווער. איצט, ווען עס איז גרויס געוואָרען די אידישע, די סלאַווישע און די איטאַליענישע אימיגריישאָן, שרייען זיי אַזוי געגען די אידען, די סלאַווען און די איטאַליענער. און איצט, אַזוי ווי אַמאָל, וואָלטען זיי מיט זייערע געשרייען גאָרנישט אויספיהרען, ווען אויף דער סצענע וואָלט ניט אַרויסגעקומען אַן אַנדער מאַכט — אַ ווירקליך־געפעהרליכע אנטי־אימיגריישאָן מאַכט.

דאָס איז די מאַכט פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער — פון די פערפיהרטע און פערדומטע אַמעריקאַנער אַרבייטער.

* * *

די 22,973 צוריקגעשיקטע—דאָס איז דער אונגעהייערער מאַסען־אָפּפער, דער העקאַטאָמב, וואָס דער אַמעריקאַנער פּאָליטישען איז מקריב אין נאָמען פון זיין צבועצקער אַרבייטער־פריינדשאַפט. און דאָס איז דאָס טרויעריגסטע אין דעם גאַנצען טרויעריגען ענין.

עס איז שוין פיעל גערעדט און געשריבען געוואָרען געגען דער אַבערגלויבעריי, אַז די פרייע איינוואַנדערונג שעדיגט די אינטערעסען פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער. דר. י. א. הורוויטש, אין זיין גלענצענדען ווערק „אימיגראַציאָן און אַרבייט“, האָט סטאַטיסטיש בעוויזען, ווי פאַלש עס זיינען די אַלע בעהויפּטונגען פון דיעזען סאָרט. אַרבייטסלאָזיגקייט איז דורכאויס ניט דער רעזולטאַט פון דער אימיגראַציאָן. ווידער, דורך דער אימיגראַציאָן האָבען די אַמעריקאַנער אַרבייטער געהאַט די געלעגענהייט איינצופונדעווען זיך אין די בעסערע סאָרטען אַרבייט; זיי זיינען געוואָרען די געלעהרענטע אַרבייטער, בעת די אימיגראַנטען זיינען די פּראָסטע אַרבייטער. און עס איז דורכאויס ניט ריכטיג, אַז דער אימיגראַנט אַרבייט פאַר ביליגער און רייסט אַרויס דעם ביסען פון מויל ביי דעם אַלטגעזעסענעם אַרבייטער. עס איז דורכאויס ניט ריכטיג, אַז דער „סטענדאַרד“ פון לעבען איז ביי דעם אימיגראַנט נידעריגער, איידער ביי דעם אַלטגעזעסענעם אַרבייטער פון דעם זעלבען פאַך. גראַדע אין די צייטען פון דער גרויסער איינוואַנדערונג איז דער אַרבייטס־לוין געשטיגען. גראַדע אין די פלעצער, וואָס זיינען געדיכט בעוואָהנט פון אימיגראַנטען, איז דער אַרבייטס־טאָג אַם קירצסטען. און גראַדע די אימיגראַנטען זיינען די בעסערע יוניאָן לייט; גראַדע די אימיגראַנ־

טען־טריידס זיינען אַם בעסטען אָרגאַניזירט.

די פיהרער און פערפיהרער פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער זעהען עס אבער ניט און ווילען עס ניט זעהן. מען קען זאָגען וועגען זיי דאָס זעלבע, וואָס מען האָט אַמאָל געזאָגט וועגען די פראַנצויזישע קעניגע, אַז זיי האָבען גאָרנישט געלעהרענט און גאָרנישט פערגעסען. זיי האַלטען נאָך אַלץ אין איין טענה'ן, אַז די פרייע איינוואַנדערונג איז אַן אומגליק פאַר דעם אַרבייטער און אַז די בעשריינקונג פון דער איינוואַנדערונג איז פאַר איהם אַ ישועה.

אָט די קאָנסערוואַטיווע אַרבייטער פאָרשטעהער האָבען עס ביז איצט אויסגעווירקט די אַלע גזרות געגען דעם אימיגראַנט. און זיי ראַסטען און רוהען ניט און זוכען אויסצואווירקען אַלץ נייע און נייע גזרות, ביז וואַנען די טויערן פון אונזער גרויסער רעפּובליק זאָלען אין גאַנצען צוגעקלאַפּט ווערען פאַר די הונגעריגע, געיאָגטע און געשטיקטע מענשען־מאַסען פון דער אלטער וועלט.

אמת, מען וואָלט דאָ געקענט פרעגען: אויב עס איז ריכטיג, אַז די בעשריינקונג פון אימיגריישאָן איז ווירקליך אַזאַ טובה פאַר די אַרבייטער און אַזא רעה פאַר'ן קאַפּיטאַליסט, טאָ וואָרום איז עס אַזוי לייכט אויסצואווירקען? וואָרום איז מען עס אַזוי העפליך־נאַכגעביג בעת עס האַנדעלט זיך וועגען אַנטי־אימיגריישאָן גזרות און אַזוי האַרט־פער'עקשן'ט בעת עס האַנדעלט זיך וועגען די קלענסטע אַרבייטער רעפאָרמען? וואָרום איז מען עס אין די אַמעריקאַנער האַפּענס אַזוי פּינקטליך־שטרענג אויסצושליסען דעם „פרעמדען" און וואָרום איז מען עס אין די אַמעריקאַנער מינען און פעקטאָריס אַזוי קרימינעל־נאַכלעסיג און מען עפענט ברייט די טהירען פאַר'ן מלאך המות?

אַזוי קען מען ציהען די פראַגען אַלץ ווייטער און ווייטער: למשל, אויב די הערען קאָנגרעסלייט געהען פערקלאַפּען די טהירען פון לאַנד פאַר די ערוואַקסענע איינוואַנדערער, טאָ וואָרום זאָלען זיי שוין אויך ניט זעהען צו פערקלאַפּען די טהירען פון די פאַבריקען פאַר די אַמעריקאַנער קינדער, און טאַקע הויפּטזעכליך אין די סטייטס פון די רעסטריקשיאָניסטישע וואָרטפיהרער? אויב די הערען קאָנגרעסלייט געהען נעהמען שריטע געגען די פערשיעדענע „אַרבייטער־געפאַהרען", וואָס געפינען זיך נאָך אויף יענער זייט ים, טאָ וואָרום זאָלען זיי שוין אויך ניט נעהמען שריטע געגען די אַרבייטער געפאַהרען, וואָס טאַרשטען ביי זיי אונטערן נאָז — כאָטש געגען דער עכט־פּאַרציייטיגער שקלאַפעריי, וואָס האַלט אָן טאַקע אין דעם סטייט פון מר. בוירנעט, דעם פערפאַסער פון דעם אַנטי־אימיגריישאָן ביל זעלבסט?

און אויב פרעזידענט ווילסאָן איז ווירקליך אַזאַ גרויסער אַרבייטער פריינד, טאָ וואָרום האָט ער זיך עפּעס אַ נעהם געטהאָן צו פערפאָלגען די יוניאָנס אַלס טראָסטס?

מיר האָבען שוין ווילסאָנען אַ גאַנצען יאָהר אויפ'ן טהראָן אין ווהייט הויז. מיר האָבען שוין אַ גאַנצען יאָהר די אַדמיניסטריישאָן, פון וועלכער גאָמפּערס, דער פרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר, האָט אַזוי פיעל ערוואַרטעט, פאַר וועלכער ער און אַלע זיינע אַדיוטאַנטען האָבען אַזוי שטאַרק אַגיטירט. און וואָס האָבען דאָ די אַרבייטער געהאַט? וואָס האָט מען זיי געגעבען?

22,973 צוריקגעשיקטע! אַ פּאָר טויזענד מעהר, איידער אונטער דער טעפּט אַדמיניסטריישאָן! דאָס אַלעס!

* * *

מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט צו בעשפּרעכען די אימיגריישאָן־פראַגע פון פערשיעדענע זייטען. און מיר ווילען איצט בעשפּרעכען די פראַגע פון איהר שמערצליכסטער זייט—פון דעם שטאַנדפּונקט פון די 22,973 צוריקגעשיקטע.

יאָהרען־לאַנג פיעלייכט האָבען אָט די 22,973 מענשען גע'חלום'ט פון אַמעריקא; יאָהרען־לאַנג האָבען זיי זיך ארומגעטראָגען אין זייער פאַנטאַזיע מיט פערשיעדענע בילדער פון גליק, וואָס ערוואַרטעט זיי אין אַמעריקא. דאָס איז געווען זייער איינציגער טרייסט, אין ארומיגען חושך דער איינציגער ליכט־פּונקט, צו וועלכען זיי האָבען זיך געמאַטערט צו צוקומען, צו וועלכען זיי האָבען זיך געריסען מיט אַלע כוחות.

זיי האָבען אַלעס אויפגעגעבען, אויספערקויפט, צונויפגעשלאָגען די אָרעמע גראָשענס און געלאָזט זיך אין וועג. און די לייטע, וועלכע מען האָט ניט לאַנג צוריק ביים געזעגענען זיך אַזוי צערטליך געקושט און געהאַלזט, וועלכע האָבען ניט לאַנג צוריק צו זייערע ליעבסטע און נאָהענטסטע פיעלע און שטאָלצע פערשפּרעכונגען געמאַכט, האָבען פּלוצלונג דערפיהלט זיך שרעקליך עלענד און שרעקליך פערלאָרען — עלענד צווישען פרעמדע און שלעכטע מענשען ארום, פערלאָרען אין אַ פרעמדער און שלעכטער וועלט.

זיי האָבען דורכגערייזט כמעט אַ העלפט פון דעם ערד־קוגעל. אין שמוץ און אין ענגשאַפט האָבען זיי זיך נאָכאַנאַנד ארומגעוואַלגערט — אַלס פיערטע קלאַס פּאַסאַזשירען אויף די אייזענבאַהנען, אַלס צווישען־דעק פּאַסאַזשירען אויף די שיפען. מען האָט זיי געפיהרט, אַזוי ווי די בהמות, מען האָט זיי געשטופּט און געשטויסען; מען האָט זיי ערנידריגט און געפּייניגט. און יעדער איינציגער, וואָס האָט נור חשק געהאַט, האָט זיי בעשווינדעלט, געשונדען, בעראַבעוועט.

און וואָס די מענשליכע בעזהייט האָט איבערגעלאָזען, האָט דערענדיגט דער ים. וואָכען

לאַנג האָט זיי דער בייזער ים געטרייסעלט און געוואָרפען און אריינגעזעצט שרעק אין זייערע נשמות; וואָכען לאַנג האָט געדונערט אין זייערע אויערען זיין אונענדליכער גרויזאַמער ברום. און די ים־קראנקהייט האָט געדרייט זיי אין דרייען, דאָס לעצטע ביסעל מוטה, דאָס לעצטע ביסעל כוחות האָט די קראַנקהייט ביי זיי אויסגעזויגען. און אזוי האָבען זיך אַלץ געצויגען זייערע יסורים, ביז וואנען זיי האָבען ענדליך דערזעהן דאָס לאַנד, דאָס היים־געווינשטע לאַנד, דער ציעל פון זייערע שטרעבונגען, האָפנונגען, חלומות.

פאַנטאַסטיש קוקען ארויס פון ווייטען די הויכע געביידעס, די דונקעלע דאקס, די גאַנצע ביזי־וועלט פון סאַזשע און פון רויך. און אנשטאט דעם אונענדליכען ברום פון בייזען ים, דערהערען זיי, די פערלאָרענע, צושראָקענע, אויסגעמוטשעטע וואנדערער, דעם ווייטען ברום פון די גרויסע וועלט־שטעדט — מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ, פול ערוואַרטונג און אנגסט, דערהערען זיי עס. וואָס ערוואַרטעט זיי דאָ? וואָס ליעגט דאָ פערבאָרגען אין אָט דעם ווייטען ברום, אין אָט דער פרעמדער פאַנטאַסטישער וועלט?

דאָס שיף שטעלט זיך אָפּ. און די ערשטע אמעריקאנער פּנים׳ער, וואָס זיי דערזעהען פאר זיך, זיינען די מלאכי חבלה פּנים׳ער פון אימיגריישאָן דעפּארטמענט; די ערשטע פראגען, וואָס מען שטעלט זיי, זיינען מלאך הדומה־פראגען; און נאָך דעם כף הקלע פון שיף הויבען זיך ערשט אָן די יסורים פון דאָס נייער חבוט הקבר פון די עליס איילאנדס.

דאָס היים־געווינשטע לאַנד, דאָס לאַנד פון זייערע שטרעבונגען, האָפנונגען, חלומות, קענען זיי אָבער ניט אָנקוקען אפילו. די מלאכי חבלה פערקלאַפּען ביי זיי אונטערן נאָז די טויערען. און מען שטויסט זיי, די פערוואָגעלטע, צוריק — צוריק צום כף הקלע פון שיף, צו די ערנידערונגען און פייניגונגען, צוריק צום פערלאָזענעם שטיף־פאטערלאַנד, צום אלטען רואינירטען היים, צו די אלטע, אלטע צרות.

* * *

22,973 מענשען האָבען פאָריגען יאָהר דורכגעמאַכט, אויף אזא אָדער אנדער אופן, די אַלע יסורים. דאָס איז געווען דער העקאַטאָמב, וואָס די ווילסאָן־אדמיניסטריישאָן האָט געבראַכט אויפ׳ן אַלטאַר פון אָרגאַניזירטער ארבייט. און דער הויך־פּריסטער איז דאָ געווען דער נייער מיניסטער פון ארבייט, דער געוועזענער מינען־ארבייטער און פערטרעטער פון דער אַמעריקאַן פעדערייש׳אָן אָף לייבאָר. דאָס איז געווען דער גאַנצער אויפטהו, די גאַנצע ארבייט פון דעם מיניסטער פון ארבייט.

און ווער קען זיך דאָ בעסער פערשטעהן אויף דער גאַנצער ישוידערליכקייט פון דיעזען אונגעהייערען האָמבאָג, איידער מיר, אידען!

מיר, אידען, ווייסען שוין פון בלוטיגער ערפאהרונג, וואָס דאָס בעדייטעט. צייגען דען ניט ארויס אויך די תלינים פון דער רוסישער רעגיערונג גראדע אין די אידען פערפאָלגונגען אזאַ היציגע פאָלקס־פריינדשאַפט? די ערגסטע צוררים פון רוסישען פאָלק קלייבען אויס גראדע די אידען־פראגע, כדי אויפ׳ן חשבון פון עלענדע אידען ארויסצואווייזען זייער כלומרשט׳דיגע פריינדשאַפט צום רוסישען פאָלק. און דאָס געהט גאַנץ גוט. טויזענדער פייקערס פיהרען אָן מיט די צינגער און מיט די פעדערן אָן ענערגישע אגיטאַציאָן איבער׳ן גאַנצען לאַנד, אַז די אידען זיינען אַ שרעקליכער אומגליק פאר׳ן רוסישען פאָלק. און די רעגיערונג אַרבייט דאביי מיט התלהבות צו בעוואָרענען און אויסצוהיטען דאָס רוסישע פאָלק פון דיעזען שרעקליכען אידען־אומגליק. און אַ גרויסער טהייל פון רוסישען פאָלק גלויבט אין דעם און איז העכסט צופריעדען פון דעם.

יע, די אימיגראנטען־פראגע אין דער קאַפּיטאַליסטישער אמעריקא האָט אַ געוויסע עהנליכקייט מיט דער אידען־פראגע אין דער מדינה פון צאר. די העצע געגען די פרעמדע ווערט אין אמעריקא אַלץ שטאַרקער, וואָס העכער עס לאָזט זיך הערען די אונצופרידענהייט פון פאָלק. דאָס איז אימער די טאַקטיק פון די הערשענדע קלאסען — די העצע געגען די פרעמדע איז אימער די אישיו, מיט וועלכער מען זוכט צו דערווערגען די אונצופריעדענהייט פון פאָלק; דאָס איז אימער דער אפּאראט, מיט וועלכען מען ציהט אָפּ די עלעקטריזירטע ענערגיע פון די אונרוהיגע מאַסען אין דער ערד אריין.

און די פאָרטגעשריטענע אידישע ארבייטער, אַלע אידישע יוניאָנס, דארפען דאָ זיין די ערסטע אויפצוהויבען זיך; זיי דארפען טהאָן וואָס זיי קענען נור; מען מוז ארויסקלאַפּען פון די הענד פון די אָפענע און פערמאַסקירטע קאַפּיטאַליסטישע משרתים איינעם פון די שטאַרקסטע מיטלען צו פערדונקלען דעם ארבייטער׳ס בעוואוסטזיין און צו פערשטאָפּען זיין מאָראַלישען געפיהל.

עס איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען די ארבייטער פלעגען בעטראַכטען אַלס דם שונאים די נייע־ערפונדענע מאַשינען. און מען פלעגט די דם שונאים אין די פאבריקען ניט צולאָזען; מען פלעגט זיי צוברעכען און פערניכטען. דיעזע צייט איז אָבער אוועק. דיעזע ווילדע מעשים זיינען איצט מעשים פון דער פערגאנגענהייט. די ארבייטער האָבען זיך שוין לאַנג איבערצייגט, אז דער גאַנג פון דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג דארף ניט און קען ניט אָבגעשטעלט ווערען. זיי האָבען שוין לאַנג אויסגעפונען, אז ניט געגען דעם שטאָהל

פון דער מאשינע, נור געגען קאַפּיטאַליסט, וואָס נוצט אויס געגען זיי דיעזען שטאָהל, דאַרף זייער קאַמפּף אַנגעווענדעט ווערען.

עס זיינען פאַראַן נאָך אין אמעריקא פיעלע יחסנים אַרבייטער, וואָס בעטראַכטען די גרויסע אַרבייטער־מאַסען אַלס דם שונאים ; עס זיינען פאַראַן נאָך אין אמעריקא פיעלע יוניאָנס, וואָס זוכען אָפּצוזונדערן זיך פון די גרויסע אַרבייטער־מאַסע מיט אַ וואַנד פון הויכע איינטריטס־געלד, וואָס זוכען צו בעשיצען זיך פון זיי מיט אַ פעסטונג פון פערשיעדענע סטאַטוטען. דיעזע ווילדע מעשים מוזען אָבען אויך, פריהער אָדער שפּעטער, ווערען מעשים פון דער פערגאַנגענהייט. אַזעלכע צעכען־ווענד און צעכען־פעסטונגען אויף'ן פרייען, שטראָמיגען אַרבייטער־מאַרק דאַרפען ניט און קענען ניט געדייהען. די יחסנים וועלען מוזען אויסגעפינען, אַז ניט געגען דער אַרבייטס־קראַפט פון אַ געוויסען סאָרט אַרבייטער, נור געגען דעם קאַפּיטאַליסט, וואָס וואָלט ווינשען אויסצונוצען געגען זיי דיעזע אַרבייטס־קראַפט, דאַרף זייער קאַמפּף אַנגעווענדעט ווערען.

און אַ מעשה פון דער פערגאַנגענהייט וועט אויך ווערען די ווילדע פערשווערונג געגען די הונגעריגע מענשען־מאַסען, וואָס זוכען אויף אונזערע ווייטע ברעגען ברויט און פרייהייט. די אַמעריקאַנער אַרבייטער וועלען זיך מוזען איבערצייגען, אַז דער מעכטיגער וואַנדערונגס־שטראָם פון דער אַלטער אין דער נייער וועלט דאַרף ניט און קען ניט אָפּגעשטעלט ווערען ; זיי וועלען מוזען אויסגעפינען, אַז ניט געגען דער אימיגראַציאָן פון געוויסע ראַסען, נור געגען דעם קאַפּיטאַליסט, וואָס זוכט דאָ צו כאַפּען די פיש אין דעם מוטנעם וואַסער, דאַרף זייער קאַמפּף אַנגעווענדעט ווערען.

די אַרבייטער וועלען מוזען אויפגעבען דעם אונזיניגען קאַמפּף געגען אימיגראַנט, אַזוי ווי זייערע עלטער־זיידעס האָבען געמוזט אויפגעבען דעם אונזיניגען קאַמפּף געגען דער מאַשינע. די ענטוויקלונג פון לאַנד פאָדערט די אימיגראַנטען, אַזוי ווי די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע פאָדערט די מאַשינען. און די אַמעריקאַנער אַרבייטער קענען דאַביי נור געווינען. די אומגעלומפּערטע אימיגריישאָן־בעשריינקונגען קענען קיין קיום ניט האָבען ביי די טויערען פון אונזער לאַנד, אַזוי ווי די אומגעלומפּערטע יוניאָן־סטאַטוטען קענען קיין קיום ניט האָבען ביי די טויערען פון אונזערע פאַבריקען. אויסצושליסען די איינוואַנדערונג אין נאָמען פון דער אַרבייטער־בעוועגונג — דאָס איז אַזוי פערברעכעריש־דום, אַזוי ווי צו פערניכטען די מאַשינען אין נאָמען פון קירצערע שטונדען, אַזוי ווי צו פּלאַדיען דורך הויכע איינטריטס־געלדע, אין נאָמען פון טרייד־יוניאָניזמוס, סוועטינג אַרבייטער און סקעבס.

* * *

מיר האָבען שוין פיעלע מאָל גערעדט וועגען דעם. מיר דאַרפען אָבער אַלץ ריידען וועגען דעם און ריידען, ביז וואַנען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון אַמעריקא וועלען זיך ענדליך דורכדרינגען מיט דער פולער וואַהרהייט און מיט דער טיעפער גערעכטיגקייט פון אַזעלכע רייד.

די 22,973 צוריקגעשיקטע, די פאָר צעהנדליגע טויזענד אָרעמע היימען, וואָס זיינען פאַריגען יאָהר צובראָכען געוואָרען — דאָס איז די שאַנדע פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־בעוועגונג !

מאַקס ארלין.

דער ערשטער פריהלינג שטראַהל

פון די הימלען, פון די בלויע,
דורך די נעבלען, דורך די גרויהע,
האָט די זון אַ שטראַהל פערלאָרען ;
דרויסען ליכטיג איז געוואָרען !
שוועבט דער שטראַהל, דער אויפגעלעבטער,
פון זון און גינגאָלד אויסגעוועבטער,
אויף די שנעע־בעדעקטע פעלדער,
אויף די נאַקעט־וויסטע וועלדער.

האָט די זון אַ שטראַהל פערלאָרען ;
אין מיין האַרץ איז ער געבאָרען !
אַ פריהלינגס־שטראַהל, אַן אויפגעלעבטער,
פון זון און גינגאָלד אויסגעוועבטער.
עס שפּיעלט אין האַרץ מיר אויף אַ לירע,
עמיץ זינגט מיר דאָרט אַ שירה —
צו דעם פריהלינג, וואָס וועט קומען,
פול מיט ריח, פול מיט בלומען...

יצחק אייזיק הורוויטש

די פרייע ליעבע צווישען קאפּיטאַל און ארבייט

„דער פּראטאקאָל איז וואָס מען קען אָנרופען א פרייע ליעבע אָבמאַך".
(עדיטאָריאל אין דעם „לוידיעס גאַרמענט וואָרקער", פעברואַר, 1914, זייטע 4).

דער רעדאקטאָר פון דער „צוקונפט" האָט מיך געבעטען איך זאָל אנשרייבען אן „אקאדעמישען" ארטיקעל וועגען דעם לעצטען קאמפף אין דער קלאָוקמאכער יוניאָן. יעדעס מאָל ווען עס קומט מיר אויס צו שרייבען אין דעם „אקאדעמישען" סטייל, דערמאן איך זיך וואָס ערגעץ א שרייבער וועגען „יונג־דייטשלאנד" האָט געזאָגט מכח דער רעוואָלוציאָנער געזאָנענער דייטשער שטודענטענשאפט פון דעם ערסטען פערטעל פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט: דער אקאדעמישער פארוק און די בלויע שפאקולען האָבען ניט געקענט פארדעקען פון דער פאָליציי, אז עס קלאפט ביי דעם יונגען מאן אין ברוסט א הייסע הארץ. די מאסקע פון א קאלטען אויבערמענש איז אימער געווען צואווידער מיין נאטור. איך בין געצוואונגען געווען א סך צו שרייבען אין דעם דאָזיגען „אקאדעמישען" סטייל אין רוסיש און אין ענגליש, ווארום אין די צוויי שפראכען איז ניטאָ קיין אָרגאן וואו איך זאָל קענען פריי אויסזאָגען אלץ וואָס עס ליעגט ביי מיר אויף'ן הארצען. די אידישע שפראך איז די איינציגע אין וועלכער איך האָב די מעגליכקייט צו רעדען פריי צו די לעזער, און דעריבער קומט מיר אויס דאָפעלט שווער צו שרייבען אין דעם קאלטען לשון פון לעבעדיגע מ ת י ם, — בפרט נאָך אין אן ענין פון וועלכען מען האָט געמאכט א „הורוויטש־פראגע". „קענט איהר זיך פאָרשטעלען — האָב איך געפרעגט דעם רעדאקטאָר — אז מען זאָל שרייבען די געשיכטע פון די נאפּאָלעאָנישע מלחמות, ניט דערמאָנענדיג נאפּאָלעאָנען? (מיינע גוטע פריינד מעגען זיך באנוצען מיט דעם משל צו באווייזען, אז איך האלט זיך פאר אנאנדערן נאפּאָלעאָן. דאָס וועט דיענען א דאָפעלטען צוועק: ערסטענס, וועט דאָס באווייזען, אז איך לייד פון גראָססען־וואהן, ווי דער טייטש רופט עס, און צווייטענס, אז מיין אידעאל איז א מיליטערישע דיקטאטור).

פונדעסטוועגען וועל איך פּרובירען, וואָרים דעמזעלבען טאָג ווי איך בין אראָפּ פון דער סצענע האָט דער לאָיער פון דער מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן אָפיציעל געזאָגט פאר דער באָארד אָוו ארביטריישאָן:

„אין דיעזער גאנצער אנגעלעגענהייט וויל איך, עס זאָל פארצייכענט ווערן אז איך האָב בשום אופן קיין פערזענליכע שנאה ניט געגען דעם געוועזענעם לאָיער פון דער יוניאָן. איך האָב געפיהלט, אז ער איז א ש ו נ א פון דעם פּראָטאָקאָל . . . . צוליעב די אידעען, וועלכע ער האָט אריינגעטראגען, און איך האָב אָנגעגריפען די אידעען. עס טהוט מיר לייד, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען אָנצוגרייפען דעם מאן, וואָס איז געווען דער בגד אין וועלכען די אידעען זיינען געווען איינגעוויקעלט."

פון אנאנדער אויטאָריטעט, וואָס איז אין דער גאנצער צייט פון דעם קאמפף געווען געגען מיר פערזענליך, ווייסען די לעזער, אז ניט איך האָב די אידעען אליין אויסגעטראכט, זיי זיינען שוין בעשאפען געוואָרען פון אנאנדערן, איידער איך האָב זיך פאיאווועט אין דער יוניאָן. אלזאָ, איז דאָס שוין גאָר ניט געווען קיין „הורוויטש־פראגע". און אויב מיר ווילען זיך דערמאנען, אז עס איז פאראן אזא תורה וואָס עס רופט זיך די „מאטעריאליסטישע ערקלערונג פון דער געשיכטע", טו וועט זיך גאָר אויסלאָזען, אז קיינער האָט די אידעע ניט באשאפען אזוי ווי גאָט האָט באשאפען את השמים ואת הארץ, ס'הייסט פון גאָרנישט. נאָר די אידעען זיינען געווען ניט מעהר ווי דער אויסדרוק פון דעם טאָג־טעגליכען קאמפף צווישען קאפּיטאל און ארבייט אין דעם קלאָוק טרייד. דער געשריי, אז עס איז א פראגע פון איין פערזאָן, האָט נאָר געהאָלפען צו פארדעקען דעם אמת'ן כאראקטער פון דעם קאמפף וואָס געהט אָן זינט עס איז אָנגענומען געוואָרען דער באריהמטער „פּראָטאָקאָל".

„אָהן אנטאגאָניזמוס איז ניטאָ קיין פּראָגרעס", זאָגט קארל מארקס. ס'הייסט: יעדער פּאָרטשריט קומט דורך א קאמפף פון געגנערישע קרעפטען. שלום, איינינקייט, — זיינען ניט קיין מארקסיסטישע מצוות. זיי געהערען צו יעזוסעס תורה פון „שלום אויף דער וועלט און א פריינדליכער גייסט צווישען ליי־

טען". איצטער, ווען מען רעדט אַזוי פיעל וועגען שלום און אייניגקייט אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועט גאָר ניט שאַדען אַז מען זאָל פאַרשטעהן אַז אין דער יוניאָן־בעוועגונג גופא קען אויך קיין פאָרטשריט ניט זיין אָהן אנטאַגאָניזמוס, אָהן אַ קאַמפף צווישען דער קאָנסערוואַטיווער און דער פּראָגרעסיווער ריכטונג. יעדער קאַמפף אין דער מענשליכער געזעלשאַפט ווערט געפיהרט דורך פערזאָנען און מוז דעריבער אננעהמען אַ פערזענליכען כאַראַקטער. אין אַזעלכע שיכטען, וואו מען איז צוגעוואָהנט צו רעדען ווי דזשענטל־לייט, ווערט דער פערזענליכער קאַמפף געפיהרט אָהן זידלעריי, אָהן בעשולדיגונגען אין פערזענליכער אונעהרליכקייט. אין אונזער ראַדיקאַלער וועלט, ספּעציעל אין דער אַמעריקאנער, איז יעדער איינער וואָס איז מיט אונז ניט איינפערשטאַנען ניט אַנדערס ווי אַן אונעהרליכער מענש. אויף מאָרגען, ווען עס פאַסט זיך פאַר אונז צו פאַראייניגען זיך אויף אַ ווײלע מיט אונזערע נעכטיגע שונאים, ווערן זיי כשר און מיר דרש'ענען: שלום, אייניגקייט צוליעב די אינטערעסען פון דער ארבייטער־בעוועגונג. אייניגקייט איז אַ גוטע זאַך, אָבער אייניגקייט קען ניט געשאַפען ווערן אויף אַ מעכאַנישען וועג, דורך דעם וואָס מען וועט צוזאַמענפּארען די געגנער און זיי הייסען אַלעמען זיין שטיל: וואו עס האַנדעלט זיך ניט כך הכל וועגען אַ פערזענליכע מחלוקה צוליעב דזשאָבס אָדער עליות, נאָר וועגען אַ קאַמפף פון צוויי ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען, איז אייניגקייט מעגליך נאָר דעמאָלט ווען איין צד ציהט זיך צוריק און לאָזט איבער דעם פעלד פאַר דעם אנדערן. ווען ניט, מוז פריהער אָדער שפּעטער דער שטרייט אויסברעכען איבעראַניים.

* * *

אין דעם קאַמפף וואָס די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט דורכגעמאַכט אין דער צייט פון דעם לעצטען יאָהר האָט זיך געהאַנדעלט וועגען צוויי זאַכען: ערסטענס, וועגען דעם פּראָטאָקאָל, און צווייטענס, וועגען דעם ווי די יוניאָן דאַרף אָרגאַניזירט זיין אינערליך, און דער אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן פון דער יוניאָן איז ווידער ענג פאַרבונדען מיט'ן פּראָטאָקאָל.

אַלע אַלטע פיהרערס פון דער יוניאָן זיינען איבערצייגט, אַז דער אידישער אַרבייטער איז פון נאַטור ניט קיין יוניאָן־מאַן; דער אידישער אַרבייטער האָפט צו ווערן אַ ביזנעסמאַן. אויף אַ מאָמענט קען ער ווערן באַגייסטערט פאַר אַ סטרייק, ווייל ער ריכט זיך צו קריגען אַ מאָמענטאַנע פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע, אָבער ווי באַלד ער האָט געוואונען דעם סטרייק דאַרף ער שוין מעהר קיין יוניאָן ניט. אַזוי, זאָגען די אַלטע פיהרערס, איז אימער געווען מיט די אידישע שניידער־יוניאָנס: אַ יוניאָן האָט עקזיסטירט נאָר אין סיזאָן נאָך דעם סטרייק. ביי דעם נעקסטען סיזאָן פלעגט מען האָבען אַ נייעם סטרייק און אַ נייע יוניאָן. זינט אָבער עס איז געשלאָסען געוואָרען דער פּראָטאָקאָל מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, עקזיסטירט שוין אַ יוניאָן מעהר ווי דריי יאָהר נאָכאַנאַנד, וואָס דאָס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט ביי די קלאָוקמאַכער, ווען מען האָט געהאַנדעלט מיט איינצעלנע מאַנופעקטשורערס. דערמיט פיהרט מען אויס, אַז די יוניאָן האַלט זיך דערפאַר וואָס עס איז פאַראַן אַ פּראָטאָקאָל מיט אַן אַסאָסיאיישאָן פון מאַנופעקטשורערס: דער פּראָטאָקאָל האַלט אויף די יוניאָן. ווי אַזוי־זשע האַלט ער אויף די יוניאָן? ערסטענס, דערמיט וואָס די אַסאָסיאיישאָן העלפט די יוניאָן־בעאַמטע קאָלעקטען די דיוס, און צווייטענס, דערמיט וואָס עס זיינען ניטאָ קיין סטרייקס, קענען זיך, הייסט דאָס, די יוניאָן־פיהרערס רוהיג אָפּגעבען מיט אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט.

לויט דער דאָזיגער מיינונג, איז די יוניאָן וואָס ווערט אויפגעהאַלטען מיט דער הילף פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, ניט מעהר ווי אַ פעראיין פון דיוס־צאָהלערס, די מאַיאָריטעט פון זיי זיינען געצוואונגענע יוניאָן־לייט; די עכטע יוניאָן־לייט וואָס ווילען אַ יוניאָן זיינען ניט מעהר ווי אַ מינאָריטעט. היינט ווען די געטרייע יוניאָן לייט וואָס ווילען אַ יוניאָן זיינען אין דער מינאָריטעט און די מאַיאָריטעט דאַרף מען צווינגען מיט דער הילף פון די באָסעס צו באַלאַנגען צו דער יוניאָן, טאָ אויב מען וויל האָבען אַ יוניאָן איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז מען טאָר ניט דערלאָזען די פיינדליכע מאַיאָריטעט זאָל האָבען אַ דעה איבער דער יוניאָן. אַ דעמאָקראַטישע רעגיערונג, דאָס הייסט אַ רעגיערונג דורך די מאַיאָריטעט פון די מעמבערס, וואָלט געשטעלט די עקזיסטענץ פון דער יוניאָן אין סכנה. עס געפינט זיך איצטער אין דער יוניאָן אַן עלעמענט וואָס פאַר דעם סטרייק זיינען זיי געווען הערד־פּרעסערס, סאָב־קאָנטראַקטאָרס, אָדער זיי האָבען געאַרבייט מיט עטליכע אויסהעלפערס און האָבען געמאַכט אַ סך געלד דורך דעם וואָס זיי האָבען עקספּלויטירט זייערע אויסהעלפער. דיזע לייט זיינען איצטער די גאַנצע קיקערס, זיי זיינען דאָס די יעניגע וואָס רייצען אויף געגען דעם פּראָטאָקאָל, זיי וואָלטען גערן געוואָלט אויפהעצען צו אַ סטרייק, כדי ער זאָל פאַרלאָרען געהן, די יוניאָן זאָל געהן געבראָכען און דעמאָלט וועלען זיי ווידער מאַכען אַ סך געלד אויף'ן אַלטען שטייגער.

אונטער אַזעלכע אומשטענדע איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז די מאַכט איבער דער יוניאָן מוז ליגען אין די הענט פון דער מינאָריטעט וואָס וויל אַ יוניאָן. אין אַ געהיימער רעוואָלו־

ציאָנעהער אָרגאַניזאַציאָן אין רוסלאַנד איז דאָס ניט שווער, ווארים דאָרטען פארשטעהט יעדער, אַז צוליעב קאָנספּיראטיווע אורזאַכען קען מען יעדען איינעם ניט דערצעהלען וואָס עס טהוט זיך. אָבער אין אמעריקא וואו מען קען האַנדלען אָפען און יעדער מעמבער פון ערגעץ אַ פעראיין מעג על פי דין פערלאַנגען אַ דעה אין די געשעפטען פון דעם פעראיין, קען מען ניט ארויסטרעטען אָפען פאר'ן עולם און זאָגען, אַז צאָהלען דיוס מעגט איהר, אָבער אַ דעה האָבען קענט איהר ניט. מען מוז אַלזאָ אָפּהיטען די פאָרמע פון אַ פאָלקס־פערוואַלטונג און צו דערזעלבער צייט זאָל עס פאַקטיש זיין אַ רעגיערונג פון אַ מינאָריטעט. אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע איז געשאַפען געוואָרען אין דעם אמעריקאַנער פּאָליטישען לעבען און אויך אויף אַנדערע געביטען: דאָס איז די „מאַשין“.

די מאשין בעשטעהט פון אַ קליינע צאָהל בעאַמטע און זייערע מיטהעלפער. חוץ די סטעדי דזשאבס זיינען פאראַן קליינע דזשאבאַלאַך — אַטענדען צו קאָמיטע מיטינגען, סעטלען פרייזען און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס קענען איינברינגען אַ טעטיגען מעמבער עטליכע דאָלאַר אַ וואָך. עס איז ניט קיין זעהר פעטער ביסען, אָבער ווען די צייט איז סלעק און מען זיצט אָפּעט יעדען טאָג אַ פּאָר שטונדען אין שאָפּ און ענדע וואָך קריגט מען פיער דאָלאַר מיט פינף און דרייסיג סענט פּעידע, וואַלגערן זיך אַ פּאָר דאָלאַר עקסטרא אויך ניט אויף'ן גאַס. חוץ דעם האָט יעדער יוניאָן־בעאַמטער אַ צאָהל פערזענליכע פריינד. אויף דעם אופן קען אַן אָרגאַניזירטע גרופּע מענשען אימער קאָנטראָלירען אַ סעקשאָן מיטינג וואו עס קומען געוועהנליך אַ קליינע צאָהל צופעליגע מענשען. ווען עס געפינט זיך צווישען די אַנוועזענדע אַ קיקער וואָס פרעגט קשיות, טו קען מען מיט איהם זעהר לייכט פארטיג ווערן. די „רעגיערונגס־פּאַרטיי“ איז אימער אָרגאַניזירט, די אָפּאָזיציאָן איז אַ צופעליגע. מען געפינט שוין אַ פּאָינט אָוו אָרדער אָדער ערגעץ אַנאַנדער פּאַרלאַמענטאַרישען טריק, אָדער ווען עס איז נויטיג פּאַקט מען אָן אַ מיטינג מיט אייגענע מענשען, און ווען דאָס העלפט אויך ניט, גיט מען אַמאָל קלעפּ אויך. אַזוי פיהרט זיך ביי טעמעני האָלל, און אַזוי האָט זיך נאָך ביז ניט לאַנג צוריק געפיהרט אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אויך. דאָס האָט אָפּגעשטויסען פיעלע פון די בעסערע עלעמענטען, פון די פּרינציפּיעלע יונגע לייט וואָס זיינען געווען טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער בעוועגונג אין רוסלאַנד.

עס איז קלאָהר בעשיימפּערלאַך, אַז אַ יוניאָן וואָס באַשטעהט מעהרסטענס פון געצוואונגענע מעמבערס קען ניט אויפנעהמען קיין קאַמפּף מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן: סטרייקען טאָר מען ניט כל זמן דער פּראָטאָקאָל איז אין קראַפט, ענדיגען דעם פּראָטאָקאָל מעג מען, אָבער מען האָט מורא, ווייל מען גלויבט אַז אָהן דעם פּראָטאָקאָל וועט ניט זיין קיין יוניאָן. בלייבט נאָך דער געזעליכער קאַמפּף ביי דער באָרד אָוו אַרביטריישאָן פאר די רעכטע פון די אַרבייטער, איז ערסטענס גלייכט דאָס ניט די אַסאָסיאיישאָן, און אויב מען וויל מיט איהר זיין גוט־פריינד און קריגען פון איהר טובות, טו פּאַסט דאָך ניט מיט איהר זיך שטענדיג צו משפּט'ן, און צווייטענס איז פאַקטיש קיין באָרד אָוו אַרביטריישאָן ניטאָ, ווארים דער טשערמאַן לואיס ד. בראַנדייס האָט ערקלערט, אַז די באָרד אָוו אַרביטריישאָן איז ניט געשאַפען געוואָרען אויף צו טרייען קייסעס, נאָר אויף צו מאַכען געזעצע.

שטעלט זיך די קשיה: אויב די איצטיגע באָרד אָוו אַרביטרדיישאָן טהוט ניט איהר פליכט, טו מעג מען דאָך אויסקלייבען אַנאַנדערע, פאַרוואָס־זשע טהוט מען עס ניט? איז דער ענטפער, אַז די מאַנופעקטשורערס וואָלטען אייגענטליך דעם גאַנצען פּראָטאָקאָל ניט געוואָלט, נאָר זיי האָבען גרויס דרך ארץ פאַר מיסטער בראַנדייס'ן און דערפאַר האַלטען זיי אויף דעם פּראָטאָקאָל. ווען מען לאָזט בראַנדייס'ן געהן, טו איז אויס פּראָטאָקאָל, און דאָס מיינט אויס יוניאָן. על כן ווען מען וויל האָבען אַ יוניאָן, דאַרף מען צופריעדען זיין מיט בראַנדייס'ן, אפילו ווען די אַרבייטער קריגען ניט אימער וואָס זיי קומט לויט דעם פּראָטאָקאָל. בעסער אַ יוניאָן מיט אַ פּראָטאָקאָל איידער גאָר קיין יוניאָן ניט. איי וואָס די אַרבייטער קריגען ניט וואָס זיי קומט, טו מוז מען דאָך פאַרשטעהן, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קען דאָך דער אַרבייטער איבערהויפּט ניט קריגען וואָס עס קומט איהם, — וואָס זשע מאַכט דאָס אויס צי עס פעהלט איהם צו דעם פולען פּראָדוקט פון זיין אַרבייט אביסעל מעהרער אָדער אַביסעל ווייניגער?

דאָס איז די טעאָריע פון די פיהרערס, אַ קאַפּעלע פּאַרווייסט מיט כלומרשט סאָציאַליסטישע אַרגומענשען. דער געוועהנליכער אַרבייטער ווייס פון קיין חכמות ניט און פאָדערט וואָס עס קומט איהם פון דעם באָס לויט דעם יושר פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און ווען ער קריגט עס ניט קענט איהר איהם ניט טרויסטען מיט דער סאָציאַליסטישער עולם הבא. ער שטעלט די פראַגע: „אויב די יוניאָן קען מיך ניט פּראָטעקטען, טו פאַרוואָס צאָהל איך מיינע זעכצעהן סענט אַ וואָך?“

ווען די אַרבייטער הויבען אָן צו שטעלען פראַגען, פיהרט דאָס צו קיין גוטס ניט: ווען

זיי פאַרלירען די געדולד, סטרייקען זיי, און יעדער סטרייק אין ערגעץ אין אַן אַסאָסיאיישאָן שאַפּ מאַכט אָן טראָבל די יוניאָן־בעאַמטע: די מאַנופעקטשורערס ווערען אין כעס און זיי קענען נאָך אַמאָל אַפּברעכען חלילה דעם פּראָטאָקאָל. דעריבער מוז מען זעהן אויסצומיידען יעדע זאַך וואָס קען אויפרייצען די אַרבייטער־מאַסע געגען דעם פּראָטאָקאָל. דער געפעהרליכסטער מיטעל אויפצורייצען די אַרבייטער איז די יוניאָן־פּרעסע, ווייל די אָפּיציעלע צייטונג פון דער יוניאָן ווערט צוגעשיקט צו יעדען מעמבער אַהיים אַריין. דעריבער דאַרף מען אויף די פּרעסע אַרויפלעגען אַ צענזור, כדי די אַרבייטער זאָלען זיך ניט „טומלען“.

נאַטירליך, די יוניאָן־בעאַמטע האָבען דעם כח צו פאַרצאַמען פאַר די „אונצופרידענע עלעמענטען“ די אָפּיציעלע וועגען אויף וועלכע זיי וואָלטען געקענט בעאיינפלוסען די מאַסען, דאָס הייסט די יוניאָן־מיטינגען און די יוניאָן־פּרעסע. אָבער די אידישע אַרבייטער האָבען אַ „בירזשע“ אויף דער פינפטער עווענױ, וואו עס קומען צוזאַמען צוואַנציג טויזענד אַרבייטער דינער־צייט, דאָרטען רעדט מען זיך צוזאַמען, פון דאָרטען קען מען אַראַנזשירען פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. דאָס ווערט נאַטירליך געבראַנדמאַרקט פון די יוניאָן־בעאַמטע ווי די האַנדלונג פון אַ „מאב“. אין אַמעריקאַ מעג אַ גרופּע מענשען דינגען אַ האָלל, אָפּדרוקען סוירקולאַרס און רופען אַ מאַס־מיטינג, — דאָס ווערט אָפּיציעל ערקלערט פון די יוניאָן־פיהרערס אַלס אַן „אונגעזעצליכער מיטינג“. אויב עס איז נויטיג „פאַר די אויפהאַלטונג פון דער יוניאָן“, מעג מען אַזאַ מיטינג צושטערן, — פאַר אַ גוטען צוועק זיינען אַלע מיטלען גוט. אַ האָלל־קיפּער לוינט זיך ניט צו קריגען זיך מיט די בעאַמטע פון דער יוניאָן, און ווען זיי פערלאַנגען וועט ער ניט אַריינלאָזען דעם עולם אפילו נאָכדעם ווי ער האָט שוין פאַרדונגען דעם האָלל פאַר אַן אַדווערטייזטען מיטינג.

פאַר דרוקען „אונגעזעצליכע“ סוירקולאַרס און פאַררופען „אונגעזעצליכע“ מיטינגען קען מען דעם שולדיגען שטעלען אונטער אַן אַנקלאַגע און פער'משפט'ן ער זאָל ניט טאָרען עלעקטעט ווערן פאַר קיין אַמט אין דער יוניאָן, (אַזוי ווי די רוסישע רעגיערונג האָט געטהאָן מיט די דעפּוטאַטען פון דער ערסטער דומא וואָס האָבען גע'חתמ'עט דעם וויבאָרגער מאַניפעסט).

אין אַמעריקאַ פאַרוועהרט דער געזעץ ניט אַ גרופּע מענשען צו אָרגאַניזירען אַ קלאָב צו באַשפּרעכען אַזעלכע פראַגען וואָס אינטערעסירען זייערע מעמבערס און דעם אַלגעמיינעם פּובליקום. דאָס ווערט געטהאָן אין אַלע צווייגען פון דעם עפענטליכען לעבען. אָבער אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן ווערט דאָס בעטראַכט אַלס אַ פאַרברעכען געגען די יוניאָן, דאָס איז אַן „אונגעזעצליכער פערבאַנד“, זיין אַגיטאַציע איז „צושטערונגס־אַרבייט“, די רעדעלפיהרער זייערע מוז מען באַשטראָפען ווי ווייט עס לאָזט זיך. אויב אימיצער פון זיי לויפט פאַר אַן אַמט אין דער יוניאָן, מעג מען איהם אַרונטערנעהמען פון דעם באַלאָט, (אַזוי ווי צום ביישפּיעל מיליוקאָוו און אַ סך אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע קאַנדידאַטען זיינען אַרונטערגענומען געוואָרען פון דעם באַלאָט ווען זיי זיינען געלאָפען פאַר דער דומא).

די אָפּיציעלע פּרעסע פון דער יוניאָן קען מען צענזורירען, די אַלגעמיינע טעגליכע און וועכענטליכע פּרעסע קען מען ניט קאָנטראָלירען. יעדע צייטונג אָבער וואָס גיט אויסדרוק דער אָפּאָזיציאָן געגען די יוניאָן־רעגיערונג ווערט געבראַנדמאַרקט אַלס אַ שונא פון דער יוניאָן.

די יוניאָן־בעאַמטע קומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי זיינען די יוניאָן, — ווי דער פראַנצויזישער קעניג לואי דער פערצעהנטער האָט ערקלערט: „דער שטאַאַט בין איך“. און ווי איהר זעהט, אַרבייטען זיך אויס ביי זיי די זעלבע פּסיכאָלאָגיע און דערזעלבער לשון ווי ביי יעדער קלאַסען־רעגיערונג: „אונגעזעצליכע פערזאַמלונגען“, „אונגעזעצליכע אָרגאַניזאַציאָנען“, „אונצופריעדענע עלעמענטען“, „טומעל“ (אַ שוואַכע איבערזעצונג פון דעם עכט־רוסישען וואָרט „סמוטא“), „צושטערער“ (ראַזרושיטעלי“), „דעמאַגאָגען“, „שונאים“ פון דער יוניאָן“ (דאָס זעלבע ווי „פיינד פון דעם פאַטערלאַנד“), „מאב“ און דערגלייכען.

איהר זעהט אַלזאָ ווי אַלעס ענטוויקעלט זיך גאַנץ לאָגיש פון דעם פונדאַמענטאַלען פּלאַן, אַז מען קען אויפהאַלטען קינסטליך אַ יוניאָן אָהן יוניאָן לייט, דורך די לאַסקע פון אַן אַסאָסיאיישאָן פון באָסעס.

מיינע געגנער אין דער יוניאָן זיינען געווען גאַנץ גערעכט ווען זיי האָבען געשריען, אַז איך טויג ניט צו זיין דער העכסטער בעאַמטער אין אַ יוניאָן וואָס פיהרט זיך אויף אַזאַ פּלאַן. אַזאַ יוניאָן איז נאָך מיין מיינונג נאָך ניט קיין אמת'ע יוניאָן, און ווען זי וואָלט אפילו געקענט פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבייטער (וואָס זי קען ניט), וואָלט איך פאָרט בעטראַכט די אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּען אויף וועלכע זי ווערט געפיהרט אַלס רעאַקציאָנער און שעהדליך פאַר דער ענטוויקלונג פון דער אַרבייטער־קלאַסע. גאַנץ נאַטירליך, האָב איך געמוזט קומען אין צוזאַמענשטויס אי מיט די אָרגאַניזירטע באָסעס, אי מיט דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. דאָס איז דער עיקר פון דעם קאַמפּף וואָס איך האָב געפיהרט, כמעט איינער אַליין, דעם גאַנצען יאָהר.

וואָס איז דער ערסטער צוועק פון אַ יו־ניאָן? צו פאַראייניגען די ארבייטער אין זייער טאָג־טעגליכען קאַמפּף געגען דעם קאַ־פּיטאַל. עס קומט מיר אויס מאָדנע וואָס איך בין געצוואונגען צו ערקלערען אין אַ סאָציאַ־ליסטישען זשורנאַל פאַר סאָציאַליסטישע לעזער דאָס, וואָס געוויסע סאָציאַליסטישע יוניאָן־פיהרערס האָבען זייט מתן־פּראָטאָקאָל אויפגעהערט צו פאַרשטעהן, נעמליך, אַז דער פערהעלטניס פון קאַפּיטאַל און ארבייט אין שאַפּ איז אַ קלאַסען־קאַמפּף און אַז דער קלאַ־סען־קאַמפּף קען ניט אָפּגעשאַפט ווערן דורך די־פּלאָמאַטיע אָדער פילאַנטראָפּיע. מיט אַכט יאָהר צוריק האָב איך באַשריעבען אין דעם „צייטגייסט“ מיין בעזוך פון דער פעקטאָריע פון דער נעשאָנאַל קעש רעדזשיסטער קאָמפּאַ־ניע אין דייטאָן, אָהייאָ. די פעקטאָריע האָט אויסגעזעהען ווירקליך ווי אַ לאַבאָראַטאָריע פון דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט, ווי זי ווערט געשילדערט אין קראַפּאָטקין׳ס בוך: „פיעלדז, פעקטאָרים ענד וואָירק־שאָפּס“. די קאָמפּאַניע האָט איינגעפיהרט פאַר די ארביי־טער אַ ביבליאָטעק, אַ גוטען רעסטאָראַן, אַ קלאָב און אַלערליי אנדערע סאָרטען פון „וועל־פער וואָירק“ (וואויל־טאָגס־אַנשטאַלטען). און פונדעסטוועגען זיינען אין דער דאָזיגער פּי־לאַנטראָפּישער פעקטאָריע פאָרגעקומען סטרייקס, — דער ארבייטער, איהר ווייסט דאָך, איז אונדאַנקבאַר און רק אונצופריעדען. אָך די „ניעדראָוואָלניע עלעמענטי“, די „מאַלקאָנ־טענטס“ בלשון „לייזיעס גאַרמענט וואָיר־קער“! דערצו דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז די נעשאָנאַל קעש רעדזשיסטער קאָמפּאַניע איז געווען אַ טראַסט, וואָס האָט ניט געדאַרפט מורא האָבען פאַר קאָנקורענץ און האָט דעריבער גיכער געקענט מושוה ווערן מיט די ארבייטער וועגען אַ פאַר דאָלאַר איידער אַ קלאָוק מאַנו־פעקטשורער וואָס מוז אויסשטעהן די ביטערסטע קאָנקורענץ.

ווייטער קומט נאָך צו אין דעם קלאָוק טרייד דער סיסטעם פון שטיק־ארבייט וואָס מוז ברענגען צו שטענדיגע רייסעריען צווישען די באַסעס און די ארבייטער. איך בין פער־זענליך איבערציינגט, אַז אַ סך טראָבל וואָלט געקענט אויסגעמידען ווערן, ווען מען פיהרט איין אַלגעמיין דעם סיסטעם פון וואָכען־אַר־בייט, ווי מען האָט איהם שוין פאַר די קאַ־טערס, פאַר די פּרעסערס און די סעמפּל־מאַ־כערס. ווילען עס ניט די ראַדיקאַלסטע פון די ארבייטער — די אָפּרייטאָרס, און די מעהר־סטע באַסעס ווילען עס אויך ניט. אָבער אפילו ביי די קאַטערס און די פּרעסערס קומען אויך פאָר אַ היבשע צאָהל קלאַגען געגען די באַסעס וואָס מען קען ניט שליכטען מיט דיפּלאָ־מאַטיע.

מען מוז גאַנץ קלאָהר זיין, אַז אַן אַגרימענט מיט אַן אַסאָסיאיישאָן פון באַסעס — איהר מעגט איהם רופען „אַ פּראָטאָקאָל אָוו פּיס“ (אַ פּריעדענס־פּראָטאָקאָל) — קען ניט איינפיהרען קיין פריינדשאַפט צווישען קאַפּיטאַל און אר־בייט. די איינציגע זאַך וואָס אַזאַ אָפּמאַך קען יע איינפיהרען איז אַז מען זאָל ניט נויטיג האָבען צו סטרייקען צוליעב יעדער שטרייט־פראַגע, נאָר מען זאָל זי קענען פאַרבריינגען פאַר אונפּאַרטייאישע לייט, אַ באָרד אָוו אר־ביטריישאָן. מען דאַרף זיך ניט איינרעדען, אַז דערמיט וואָס מען האָט באַשלאָסען צו אר־ביטרירען אנשטאָט צו סטרייקען האָט מען שוין אָפּגעשאַפט אַלע סכסוכים. אמת, אויב ביידע צדדים ווייסען אין פאָראויס, אַז ווען זיי קומען ניט נאָך זייער אָפּמאַך, וועט איין צד לאַדען דעם אנדערן פאַר דער באָרד אָוו ארביטריישאָן, וואו דער גערעכטער וועט געווי־נען, טו וועלען זיי זיך מעהרסטענס היטען צו ברעכען דעם אָפּמאַך. פונדעסטוועגען ווייסען מיר, אַז כאָטש עס זיינען פאַראַן קאָורטס, וואו יעדער איינער מעג מאַהנען וואָס עס קומט איהם, זיינען פאַראַן צעהנדליגער טויזענדער מענשען וואָס האַלטען ניט זייערע קאָנטראַקטען און לאָזען זיך לאַדען אין די קאָורטס. פּונקט דאָסזעלבע קומט אויך פאַר צווישען באַסעס און ארבייטער וואָס האָבען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך, אַ פּראָטאָקאָל. דער משל, אַז די אַסאָסיאיישאָן און די יוניאָן זיינען אַזוי ווי מאַן און ווייב, וואָס קענען ניט שטענדיג משפּט׳ן זיך אין קאָורט, פּאַסט זיך ניט צום עסק. אַ מאַן און אַ ווייב קומען זיך צוזאַמען ווייל זיי ליעבען זיך, צווישען מאַן און ווייב איז ניטאָ קיין מיי־נע־דיינע. אַ באָס און אַן ארבייטער זיינען ניט פאַרליעבט איינער אין דעם אנדערן, און וואָס מעהרער דער ארבייטער קריעגט בלייבט אַלץ ווייניגער פאַר׳ן באָס און פאַרקעהרט. ווייטער ווען עס קומט שוין דערצו, אַז דער מאַן און די ווייב קריגען זיך דריי טויזענד מאָל אין יאָהר*), טו געהען זיי זיך געוועהנליך פאַרנאַנ־דער. פאַרוואָרען די ארבייטער צו סטרייקען און צו דערזעלבער צייט זאָגען זיי, אַז זיי דאַרפען ניט מאַהנען וואָס עס קומט זיי, הייסט פּשוט איינפיהרען שקלאַפעריי אין שאַפּ. די יוניאָן ווערט ערנידריגט צו דער ראָליע פון אַ סטרייק־ברעכער־אַגענטור. ווען די ארבייטער סטרייקען אין אַ שאַפּ וואו עס איז ניטאָ קיין פּראָטאָקאָל, העלפט זיי די יוניאָן אויסקעמפּפען זייערע פאָ־דערונגען, און קיין יוניאָן־ארבייטער וועט ניט פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ סטרייקער. ווען אָבער עס סטרייקט אַ שאַפּ וואָס שטעהט אונ־

*) דאָס איז די צאָהל קלאַגען דורך׳ן יאָהר וואָס די קלאָוקמאַכער יוניאָן גיט אָן געגען די באַסעס.

טער דעם פּראָטאָקאָל, דערמאָלט ניט נאָר העלפּט די יוניאָן ניט די סטרייקערס, נאָר די יוניאָן איז מחויב צו ברעכען דעם סטרייק און, אויב די סטרייקערס שפּארען זיך איין, איז עס די פליכט פון די יוניאָן־בעאַמטע צו זעהן, אַז די סטרייקערס זאָלען ניט שטערן אַנדערע יוניאָן־לייט צו סקעבען געגען זיי. וואָס איז שייך די קריוודעס פון די ארבייטער, וואָלטען זיי געדארפט פאָרקומען פאר דער באָרד אָוו ארביטריישאָן, האָט אָבער ערקלערט מיסטער בראַנדייס, אַז די באָרד אָוו ארביטריישאָן איז דערצו ניט געשאַפען. געהט, טהוט איהם עפּעס!

איינער פון די גרעסטע חסרונות פון דעם פּראָטאָקאָל איז וואָס די ארביטריטאָרס זיינען אנגעשטעלט געוואָרען אָהן אַ טערמין, ווי די דזשאַדזשעס פון די פעדעראל קאָורטס. דאָס איז איינע פון די רעאקציאָנערסטע איינריכטונגען געגען וועלכע עס געהט איצטער אָן אַ שטאַרקע פּראָטעסט־בעוועגונג אין אַמעריקא. מען פאָדערט, אַז די דזשאַדזשעס זאָלען עלעקטעט ווערן אויף אַ טערמין און מען זאָל זיי מעגען צוריקציהען דורך דעם „ריקאָל“. זעהענדיג, אַז די אַרבייטער קענען פון בראַנדייס'ן קיין גערעכטיגקייט ניט קריגען, האָב איך געזוכט איהם צו בעזייטיגען, און איך האָב עס געהאַט אויסגעפיהרט לעצטען דזשולייי ביי דער קאָנפערענץ מיט דער מאַנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן. איז אָבער די דזשאָינט באָרד פון דער יוניאָן געווען דאָגעגען און די ארבייטער דארפען זיך האַלטען מיט בראַנדייס'ן.

איך האָב ערקלערט פאר פּרעזידענט ווילסאָן'ס קאָמישאָן אָוו אינדאָסטריאל רעליישאָנס וואָס איז געקומען פון וואשינגטאָן אונטערזוכען דעם טראָבל מיט'ן פּראָטאָקאָל, אַז בראַנדייס שפּיעלט בנוגע צו איהם דיזעלבע ראָלע ווי דער פּאָרזיצענדער פון דער יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט דזשאהן מארשאל האָט געשפּיעלט בנוגע צו דער קאָנסטיטושאָן פון די פעראייניגטע שטאַאטען. דזשאהן מארשאל איז געווען אין אַמט פון 1800 ביז 1835 און האָט אריינגע'פּשט'עלט אין די קאָנסטיטושאָן זיינע אייגענע אידעען וואָס עס זיינען אין איהר גאָר ניט געשטאַנען. אויף דעם אופן האָט ער אייגענטליך געשאַפען די קאָנסטיטושאָן. און אזוי טהוט אויך בראַנדייס. ער צערעמאָניעט זיך ניט מיט דעם פּראָטאָקאָל, ער טייטשט איהם אוים אזוי ווי עס געפעלט איהם. איין ביישפּיעל האָט איך שוין געגעבען: אין פּראָטאָקאָל שטעהט בפירוש, אַז אין יעדען סכסוך, צי גרויס, צי קליין, מעג מען זיך ווענדען צו דער באָרד אָוו ארביטריישאָן. זאָגט אָבער בראַנדייס, אַז ניין, איז ניין. אויף דעמזעלביגען אופן האָט ער גע'פּסק'ענט, אַז די אָפיציעלע צייטונג פון דער יוניאָן טאָר ניט דרוקען די מינדעסטע קריטיק אויף דעם פּראָטאָקאָל, אפילו ווען זי איז אזוי פארשטעלט, אַז אונטער דער רוסישער צענזור וואָלט מען געקענט אויף אַזאַ אופן קריטיקירען אפילו ניקאָלאַי דעם צווייטען. אין דעם פּראָטאָקאָל שטעהט קיין וואָרט ניט וועגען דער יוניאָן־פּרעסע, אַלזאָ האָט די באָרד אָוו ארביטריישאָן על פּי פּראָטאָקאָל קיין שום דעה ניט איבער דער פּרעסע. אָבער בראַנדייס זאָגט יע, איז יע.

בקיצור, דער פּראָטאָקאָל האָט געשטעלט איבער דער יוניאָן אַ זעלבסט־הערשער, וועלכער קען מאַכען פאר איהר געזעצע, וואָס זי מעג און וואָס זי טאָר ניט. און דער זעלבסט־הערשער איז אַ קאָרפּאָריישאָן לאָיער, אַ מענש מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט־אנשאויאונג, וואָס דרש'ענט רק פון האַרמאָניע צווישען קאַפּיטאל און ארבייט. פארשטעהט זיך, יעדער פאַהזוך צו פיהרען די יוניאָן אַלס אַ קלאַסען־אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איהר צוועק איז צו קעמפּפען אין יעדער קיים פאר די קלאַסען־אינטערעסען פון די ארבייטער, שטויסט זיך אָן אויף די סאַמאָדערזשאַוונע מאַכט פון בראַנדייס'ן. צו דערזעלבער צייט אָבער פיהרט זיך די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן אימער שטרענג קלאַסען־בעוואוסט, און בראַנדייס'עס טעאָריע פון האַרמאָניע צווישען קאַפּיטאל און אַרבייט קען זיי אין דערין ניט שטערען, וואָרום דער באָס דאַרף ניט זוכען זיין רעכט ביי דער באָרד אָוו אַרביטריישאָן: ער טהוט וואָס ער וויל און לאָזט איבער פאר דער יוניאָן איהם צו פערקלאָגען. היינט, אַז די באַארד אָוו אַרביטריישאָן זאָגט, אַז זי איז ניט קיין קאָרט און קיין אַנדער קאָרט איז ניטאָ, הייסט דאָס, אַז בראַנדייס'עס האַרמאָניע פון קאַפּיטאַל און אַרבייט איז אַן איינזייטיגע: דער קאַפּיטאל מעג פיהרען דעם קלאַסען־קאַמפּף, אָבער די אַרבייטער טאָרען ניט.

דאָס איז ניט קיין אַבסטראַקטע טעאָריע. עס איז ניטאָ קיין איינציגער פּונקט פון דעם פּראַטאקאָל, וואָס ווערט ניט געבראָכען פון ערגעץ אַ מאַנופעקטשורער יעדע וואָך. אָט איז אַ קליינע סטאַטיסטיקע, וואָס בעציהט זיך אויף צעהן מאָנאַטען פון דעם ערשטען דזשולייי, 1912, ביז דעם ערשטען מאַי, 1913:

(שלוס פאָלגט)

דער אויפמערקזאַמער לעזער וועט אליין איינזעהן, אַז דר. יצחק אייזיק הורוויטש און מאריס ווינטשעווסקי אין די אַרטיקלען וועגען די קלאָוקמאַכער פּראבלעמען דריקען אוים צוויי פערשיעדענע שטאַנדפּונקטען אין דער פראַגע פון פּראַטאַקאָל. ביידע וועלען פאָרטזעצען זייערע אַרטיקלען אין די ווייטערדיגע נומערען. ווי געז. ווינטשעווסקי פערשפּרעכט, וועט ער אין דעם נעכסטען אַרטיקעל בעהאַנדלען ספּעציעל דעם פּראַטאַקאָל. נאַכהער וועלען מיר האָבען דאָס וואָרט. די רעדאַקציאָן.

משה סטאַווסקי

דער „יתום"

(ארץ־ישראל שטריכען)

וואָס לייכט־זיידען געוועב, וואָס האָט זיך איבער די בערג פון יהודה פּערצווייגט און האָט זיי מאָדנע נאָהענט געמאַכט, האָט אָנגעהויבען צושווימען, ווי אַ זיידענער חלום מיט זילבער בעוועבט.

און ווי אַ חלום איז געלעגען אונטער אונז דאס גאַנצע שטיקעל וועג, וואָס מיר האָבען פון־אינדער־פריה דורכגעמאַכט. צוערשט אַ בלויער חלום, פון פרישען זונאויפגאַנג און גאַנצע שורות גרינע, טונקעל־גרינע בוימער מיט גאָלדענע עפּעל און פּורפּורנע מילגרויימען אויף זיי; דערנאָך אַ ברייט פעלד מיט אַ בערגעל העל בעלויכטען און אונטערן בערגעל אַן אַראַבער, וועלכער האָט דעם בערגעל אונטערגעאַקערט, וועלכער האָט גענידערט, געשטיגען און ווידער גענידערט, און אויף אַ רגע פערשוואונדען, ווי ער וואָלט מיט אונז געשפּילט אין בעהעלטעניש. ווען ער האָט זיך אויף אַ מינוט אונטערן בערגעל בעהאַלטען, האָט זיך זיין שטיל־בענקענדע און צוציגענע ליעד צורטראָגען איבער די שטילע מאָרגען־פעלדער, זיך אָנגעשלאָגען אָן די בערג פון יהודה און צוריקגעקומען צוזאַמען מיט איהם אליין און די פּאָר יונגע מוילעזלען, וואָס זיינען געווען געשפּאַנט צום אַקער, ווי פון יענער וועלט, ווי פון אַ חלום ערוואַכט . . .

און, ווי אַ גאָלדענער חלום זיינען הינטער אונז געבליעבען די גאָלדענע, ברייטע זאַמדען, אונטער וועלכע עס האָט זיך אַ קאָמפּאַניע קעמלען געצויגען, אַזוי פויל, ווי די זאַמדען, אליין, וואָס געהען שוין הונדערטער יאָהרען אויפ'ן ישוב, דעם ישוב איינצונעהמען און האָבען גאָר נישט איינגענומען. אַזוי פויל, ווי די עטליכע אַראַבער, וואָס זיינען אויף די קעמלען געזעסען און האָבען זיך איבער די הייסע זאַמדען, אונטער די גליהענדע הימלען, געשאָקעלט, ווי אַ שווערער אומרוה פון אַ גרויסען וואַנדזייגער; אַזוי פויל, ווי דער גאָלדענער קלונג פון די גלעקער און גלעקלעך, וואָס האָבען די שטאָלצע, לאַנגזאַמע טריט פון די קעמלען געצעהלט און אין אַ גאָלדענעם רעכנונג געבראַכט: גלין־גלאַן, גלין־גלאַן . . .

עס האָט זיך דערנעהנטערט צו מיטאָג. און וואָס העכער די ווינטערדיגע זון איז אַרויפגעקומען, אַלץ ווייטער האָבען זיך די בערג פון יהודה אָבגערוקט, אַלץ ווייטער, ליכטיגער און קלערער, ווי די זון וואָלט נישט איבער זיי, נאָר אונטער זיי אַרויפגעקוקט, זיך ענטציקט און בעגאָסען מיט ליכט.

און גאָר גיך איז פאַר אונז — צווישען די בערג פון יהודה — אַ קאָלאָניע אויסגעוואַקסען. אַ קופּקע ווייסע הייזער מיט רויטע שאַריענדע דעכער, צופוסענס נאַקעטע מאַנדעל־ און גרינע מאַראַנצען בוימער, ווי מען וואָלט דעם פּאַן מיט אַ גרינעם און דונקלען פּינזעל דורכגעפיהרט. און גאָר הויך, ווי אַ לייכט־טורם, האָט די ווייסע שול, גאָטס הויז, אין גאַנצען אין ליכט געבאָדען, געוואונקען צו אונז אַזוי היימיש, אַזוי הארציג, ווי אַן אַלטע בעקאַנטע, ווי אַ האַרציגע שוועסטער.

— געבענשט זאָלסטו זיין פאַר די סך פרייד און היימישקייט, מיט וואָס דו האָסט ביים ערשטען בליק מיין האַרץ אָנגעפילט.

זאָלען רוהען אויף דיר די אַלע ברכות, מיט וואָס מיין האַרץ האָט יאָהרען־לאַנג צו דיר בענקענד, געווימעלט.

געבענשט זאָלסטו זיין פאַר דעם, וואָס דו האָסט אין מיר נאָך פיעל שעה'ן גאַנג נייע פרישקייט און קראַפט אריינגעגאָסען, און מיט אויגען פול ליעבע און טרערען, און אַ האַרץ איבערפילט מיט ברכות זיינען מיר אריינגעטרעטען אין קאָלאָניע.

דער ערשטער, וואָס האָט אונז אָבגעוואַרט און אַנטקעגען געקומען איז געווען — דער „יתום". דאָס איז אַ פער'יתומ'ט פּערדיל, איינגער פון אַ האַלב יאָהר, אַ גניאַדער, אַ מאָגערער, מיט אַ גרויסען בויך און קלוג קעפּ'ל.

ער איז אין מיטען דער ברייטער גאַס געשטאַנען, פּערריסען דאָס קעפּל און אונז אָנגעקוקט. ווען מיר זיינען נעהנטער צוגעקומען, האָט ער אונז דעם וועג אָבגעטראָטען, זיך אין אַ זייט געשטעלט און קלוג נאָכקוקענדיג אונז בעגלייט.

איך בין איהם נישט חושד, אַז ער איז מיט אַ כיון אַרויסגעקומען אונז מקבל פּנים צו זיין... גיכער איז ער פון ברונעם געגאַנגען, וואו ער

האָט געטרונקען וואסער, אָדער פון כרם, וואָס איז אין דער צווייטער זייט גאס געלעגען, וואו ער האָט געצופּט אַ בלעטעל, און צוריק־קעהרענדיג זיך האָט ער נאָר אויף אַ ווײַלע זיך אָבגעהאַלטען צו זעהן, ווער עס קומט אָן. פּונקט ווי די ווייבעל, וואָס האָט עפּעס פאַר'ן טהיר אויסגעגאָסען און איז מיט דער ליידיגער כלי אין דער האַנד שטעהן געבליבען. פּונקט, ווי די קינדער, וואָס האָבען זיך אין זאמד געשפּיעלט, האָבען אויף אַ ווײַלע די קעפּלעך אויפגעהויבען און פערגעסען, וואו די שפּיעל האַלט, אָדער פּונקט, ווי דאָס מיידעל, וואָס האָט פון פענסטער ארויסגעקוקט און דערזעהן אונז האָט זי אין צימער אריין הויך אויסגעשריגען:

— שושנה, בואי הנה!

געשעהן איז דאָס צופעליג. אָבער אין זיין קוק, האָט זיך מיר געדאכט, איז געווען אַזוי פיעל גאַסטפריינדליכקייט, אַזוי פיעל, וויפיעל עס קען זיך נאָר פּאַטויפען אין אַ פּערדישען קאָפּ. וואָס האָט נאָך קיין 150 טעג זיין לעבען נישט אָבגעצעהלט.

בעקאַנט געמאַכט מיט „יתום'ן" און איהם פאַרגעשטעלט פאַר אונז האָט אונזער קאַמפּאַניאָן ל. — אַ הויכער בחור מיט שעהנע שוואַרצע האָר און באָרד און גרויע גוטע אויגען. ער האָט זיך שוין אויסגעוואַלגערט גאַנץ ארץ־ישראל, געאַרבייט אַלע ארבייטען, גערינט אַלע געטער און ערשט געהט ער ארום ליידיג.

זיין פערמעגען: אַ קעצענ־גרוי היטעל, וואָס געהט איהם ניט שלעכט צום פּנים, אַ העל־בלוי העמדעל, לייוועטענע גרויע הויזען, אַ פּאָר געלאַטעטע שיך — אָבער נאָך צום טראָגען — מיט געטרעט איבער זיי און אַ רוט אין האַנד. און ער האָט אויסגעזעהן אַזוי זאָרגלאָז, אַז ווען נישט דאָס אָפּטע פיבערן, האָט איהר פאַר זיך געקענט זעהן דעם גליקליכסטען מענש אין דער וועלט.

ער איז טאַקי געווען אונזער וועגווייזער, געוויזען אַלע גרעניצען, יעדער כרם, יעדע באַיאַרע צו וועמען עס געהערט, די טבע פון דעם באָדען, ווי מ'פלאַנצט מאַנדלען, ווי לאַנג מ'דאַרף לאָזען אָפּען גריבער די זון זאָל זיי דורכוואַרמען; ווי מ'געהט אַרום אַ „שטאָק" און מאַראַנצען־בוים; ווי אַלט עס איז יעדער אָקאַליפּטוס — „סדגר־אַל יהוד" — דער אידישער בוים. ווי די אראַבער רופען איהם — און וויפיעל צווייגען מ'האָט שוין פון איהם אָבגעשניטען.

דערזעהן „יתום'ן", האָט זיך איהם אַ קוואַל געעפענט. ער אַליין האָט נאָך געקענט דער מאַמען זיינער און בערעלען, דער וואָס האָט גערידטען אויף איהר. אַ שפּאַס „יתום"!

און אין איין מינוט, האָב איך שוין געוואוסט אַ שטיק פון זיין לעבענס־געשיכטע. ווי זיין מאַמע האָט געהייסען, פון וואַנען זי קומט אַרויס, ביי וועלכער סטיטשקע זי איז גע'הרג'עט געוואָרען.

נאָר זאָל זיין מיט „יתומ'ן". איך קום דאָס ערשטע מאָל אין אַ אידישער קאָלאָניע, וואו אַלץ איז מיר ניי און ליעב, ווער ווייס אַ צאָהל צו די מעשיות, וואָס איך וועל זיך נאָך אָנהערען.

אין אָוועגד זיינען מיר אַלע געזעסען ביי לוי און געגעסען וועטשערע.

לוי איז אַ יונגער גוריעץ, מיט ברענענדיגע קלוגע אויגען אין אַ סאַמעטענעם רייטער־אַנצוג, שטייף פערשפּילעט, אונטער וועלכען עס קלאַפּט אַ גוטע ברידערליכע האַרץ, נאָר אַזאַ האַרץ, וואָס שיקט די האַנט גלייך צום מעסער און לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע . . .

דאָס שטיבעל איז העל בעלויכטען. אויף די וואַנד עטליכע בילדער: דער ווילנער גאון, מאַקס נאָרדאו; להבדיל אַ קאָפּ פון אַ הונט מיט אַ ליולקע אין מויל, וואָס אַ שילער פון „בצלאל" האָט איהם געגעבען במתנה. און משפּחה־בילדער: שעהנע מענער אין פּאַדיאַווקעס, מיט זילבערנע פּאַטראָנעס אויף דער ברוסט און זילבערנע קינזשאַלען אין גאַרטעל, און ווייבער אין רויטע און גרינע קליידער.

איבער אַ הויכער און זעהר אַ ברייטער בעט זיינען געהאַנגען, אין זעהר אַ שעהנער אָרדנונג,—אַ ביקס, אַ מויזער, צוויי קינזשאַלען און אַ קוילענגאַרטעל.

געגעסען האָבען מיר אַלע פון איין שיסעל —איך, דער בחור ל., לוי, די ווייב, צוויי קינדער און אַ שווענערין. לוי האָט אַלץ נאָכאַנאַנדער מיר געקלאַפּט ברידערליך אין פּלייצע: — אנו, ברודער, נישט געשלאָפען!...

— און צוגעגאָסען מיר ווײַן אין גלאָז . . .

די היימישקייט האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס מיר זיינען געווען בעקאַנט פון פריהער, נאָך פון בייטאָג, אויף גאָר אַן אינטערעסאַנטען אופן.

פערבייגעהענדיג נעבען אַ הויף הערען מיר אַ שמחה, אַ שיסעריי, מיט טעניץ, געהט מען ארויף אַ קוק טהון, זעהט מען, דער עולם איז שוין אויף אַ דרך . . . און אונטער ביידע לאַנגע טישען איז פול ליידיגע פלעשער.

דערזעהן די געסט, ווערען גלייך אנגעגאַסען גלעזער און מיר ווערען איינגעלאַדען צו אַן „אוירע“, און אַז לוי הייסט, וועסטו קיין הינטישע שטיק נישט מאַכען . . . ליגט שוין דיר אַ האנט אויפ'ן אקסעל און אויפ'ן צווייטען אקסעל נאָך אַ האנד און :

„אל יבנה הגליל,

„בחור יבנה הגליל !“

די העלזער זיינען הייזעריג, נאָר די האַלבשיכור'ע קעפּ, הייבען זיך און לאָזען זיך אַראָב, פאַר'דבק'עט צום טאַקט.

אין אָנהויב האָסטו די אויגען נישט וואו אהינצוטהון, קוקסט אויף דער אָפענער טהיר : ווי כאַפּט מען זיך דאָ אַרויס . . . נאָר באַלד נעהמט דיר אַדורך דאָס ביסעל ווייִן און דער עלעקטרישער שטראָם, וואָס האָט אַלעמען אַרומגענומען. דער ניגון, וואָס דו הערסט צום ערשטען מאָל, איז דיר שוין בעקאַנט, האָסטו דעם קאָפּ אויף אַ זייט פערבויגען און די נייע זוילען, וואָס דו האָסט ערשט אונטערגעגעבען די שיך — הילכען איבער'ן צימער :

„אל יבנה הגליל,

„בחור יבנה הגליל !“

שפּעטער נאָך אַ שעה טאַנצען דערוויסט מען זיך ערשט, וואָס דאָ איז. פיהרט מען אונז צו צו אַ בעט, וואָס אונטער אַ פאַרהאַנג, און מ'הייסט אונז זאָגען : מזל טוב ! עס איז אַ קליין שומר'ל אויף דער וועלט געקומען.

צוליעב דעם טעם האָט ביי לוי'ן געאַרבייט דער צונג גאַר אָהן אַ שטייגער . . . און די בעל־הבית'טע האָט אַזוי אויסגערעכענט, אַז ער איז געבליעבען ביים טיש אָהן אַ גלאָז . . .

דער טאַטע זיינער — זאָל איהם דאָרט וואויל זיין די ערד — איז געווען ניט מעהר ווי אַ שניידער און אַז ס'פלעגט קומען אַ קינד פון גאַס פערוויינט, אימיצער האָט איהם געשלאָגען, — פלעגט דער טאַטע נאָך צושלאָגען, ממית'ן... סוקין סין ! אויף דעם האָב איך דיר אויף דער וועלט געבראַכט און געהאָדעוועט, דו זאָלסט זיך לאָזען פון אַ טשאַרט זנאיעט וועמען שלאָגען ? . . .

דער עלטערער ברודער — ער דערמאָנט דעם, וואָס איז אין מרחביה געה'הרג'עט געוואָרען, עס שטעלען זיך איהם טרערען אין די אויגען, — אַז ער איז געווען אַ יאַט פון 12 יאָהר, פלעגט ער צום גרעסטען מענשען כאַפּען אַ מעסער.

ער האָט נאָך אַ קלענערן ברודער, ערשט איז ער ביי פאָניע אויף סלוזשבע — דאָס איז זיין ווייבעל, מיט די רויטע באַקען אין מענער פאַדיאָווקע, וואָס זיצט מיט אונז ביים טיש — ברענגט ער איהם אַראָב מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק קיין ארץ ישראל און קויפט איהם במתנה אַ קינזשאַל. לאָזט זיך אויס, אַז מ'מוז אַלע מעסערס פון שטוב בעהאַלטען. ער פערטשעפּעט זיך מיט אַן אַראַבער און וויל איהם צושניידען . . .

אַרבייט ער איינמאָל, דער ברודער, אויפ'ן פעלד אין גליל, געהט פערביי אַן אַראַבער, בעלאָדען מיט ביקס און מעסער, און בעגריסט : מאַרחאַבאַ ! — ענטפערט מען איהם : מאַרהאַבאַטון ! שטעלט ער איהם אָב און פרעגט זיך פאַנאַנדער, וואָס ע ר מאַכט און נאָך אַמאָל וואָס ער מאַכט, און וואָס מאַכט די הויזגעזונגה, פּיהה, קעמעל און עזעל. און מ'צורשמועסט זיך וועגען ביקסען בכלל און וועגען ד י ביקסען, וואָס מ'נוצט אויף קאַווקאַז, ביז ער נאַרט אַרויס ביי איהם דאָס געוועהר און הייסט זיך איהם לייגען . . .

לויפען אָן די חברה : נסים, ביסט משוגע?! דאָ שמייסט מען נישט !

— זאָל ער זיך לייגען. פאַר וואָס גנב'ענען זיי די אידישע גוטס ? . . .

מיט גרויס מאַטערניש האָט זיך חברה איינגעגעבען איהם אָבצוהאַלטען און אוועקשיקען דעם אַראַבער און אָנגעזאָגט, ער זאָל לויפען און זיך נישט אומקוקען . . .

די יונגע ווייבעל, וואָס זיצט ביים טיש, פערשטעהט נישט קיין אידיש, נאָר זי שטויסט זיך . . . און די רויטע באַקען שאַריען איהר פאַר פרייד.

זיין אידעאַל אין לעבען — לוי האָט אַן אידעאַל, אַ גרויסען אידעאַל, מיט וועלכען ער טראָגט זיך אַרום — דער עולם, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעקליעבען וואַרמט אונטער און ער שטעהט שוין ריידענדיג : פינף זיהן זאָלסטו מיר ברענגען ! — דיקטירט ער דער ווייב, — קיין איין טאָכטער ! — שפּעטער קענען זיין טעכטער אויך . . . און אַלע וועלען זיין וועבטער . . . און אויף דער עלטער וועט ער נאָר אַרויסגעהן פאַר'ן שטוב, זעהן, ווי זיי זעצען זיך אויף די פערד.

— היי, מאַלאַקאַסאָס, נישטאָ ווער עס זאָל דיר שלאָגען, אָט אַזוי בינדט מען צו אַ זאָטל ? אָט אַזוי פערלייגט מען אַ צוים ? . . .

דערווייל האָט ער נאָר צוויי פון די פינף. דער עלטערער איז אין דריטען יאָהר, זעצט ער איהם אַרויף אויף דער שקאַפע, וואָס איז משוגע און שטעלט זיך דיבאָם, און לערנט איהם רייטען. די מאַמע בעט זיך רחמים, ווייבער פון גאַס פערברעכען מיט די הענד און ער : ניטשעוואָ ! דאָס איז מיין זוהן . . .

פון עולם, וואָס האָבען זיך דעם אוונט צוליעב די געסט צוזאַמענגעקליבען, האָבען בעזונדערס צוויי גענומען מיין הארץ. דאָס איז דער 18־יעהריגער הערקולעס פּרץ אין אַ שוואַר־צער אַבאַוע*), אַ ווייסע קאַפּיע**) און אַ שוואַרצען אַגאַל,***) פון וואַנען עס קוקען אַרויס נאָר אַ פּאָר אויגען מיט אַ שטיקעל בלו־טיג געזונד פּנים, בעשאָטען מיט אַ געל אָב־וואוקס און אין גאַנצען זעהט ער אויס, ווי אַ גרויסע איינגעשלאָפענע קראַפט, וואָס ווייסט גוט איהר פּרייז, ווארט אויף איהר צייט און וועט זיך ניט פערשווענדען אויף קלייניגקייטען, ווי למשל: ריידען אָן איבריג וואָרט. ער האָט אַ שוועסטער אין גליל, איז זי נאָך גרעסער און שטאַרקער פון איהם, איז זי אַ שומר'טע, נישט אַ שומר'ס אַ ווייב, נאָר זי רייט אַליין אויפ'ן פערד, מיט'ן ביקס אויפ'ן אַקסעל און גליל ציטער פאַר איהר.

און אָט דאָס קינד, וואָס זיצט צווישען אונז, איז ערשט אַלט 18 יאָהר און איז שוין דריי יאָהר אויפ'ן פערד. צו 15 יאָהר איז ער שוין אַרויס מיט'ן געוועהר אין האַנד, צו פער־טהיידיגען דעם אידישען כבוד און גוטס . . .

— ביסט אַ לייט, פּרץ!—קלאַפּ איך איהם אין פּלייצע — ביסט אַ מענש ! ביסט אַ מענש ! — ער שמייכעלט און ענטפערט נישט אַ וואָרט.

דער צווייטער איז אַ נידריגער, אַ ברייט־פּלייציגער מיט אַ גוטען שמייכעל און האַרציגע, ליעבע אויגען, וואָס גנב'נען זיך דיר אַריין גלייך אין האַרצען.

ווי מיר זיינען אַרויס פון שטוב דורכצור־געהען זיך אַ ביסעל איבער דער קאָלאָניע, האָט די מיידעל, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט גע־האַלטען נעבען מיר און געזאָרגט איך זאָל זיך נישט לאַנגווײלען, מיר איינגערוימט אויפ'ן אויער : — דאָס איז דאָך בנימין און צו איהם געהערט דאָך דער יתום. — געזאָגט האָט זי דאָס מיט אַזאַ עהרפורכט, אַז איך האָב זיך גלייך געשטעלט אין פּאָזע און געמאַכט :

— דאָס איז בנימין, דער אמת'ער בנימין? און צו איהם געהערט דאָס טאַקי דער יתום? וואָס־זשע שווייגט איהר?

— וואָס־זשע זאָלען מיר שרייען? ! — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל און איז רויט געוואָרען.

די מיידעל זאָגט מיר אונטער : ער איז דער בעסטער רייטער צווישען די שומרים.

איך חזר איבער :

— מ'זאָגט, אַז איהר רייט שעהן ?

— וויים איך ? אַמאָלע וואָס מ'זאָגט.

— די שעהנסטע שקאַפּע איז ביי איהם— זאָגט מיר ווידער די מיידעל אויפ'ן אויער.

איך חזר איבער :

— מ'זאָגט, אַז איהר האָט אַ שעהנע שקאַ־פּע . . .

— אַלץ וואָס מ'זאָגט ! איהר וועט זעהן, וועט איהר וויסען.

— אייער יתום געפעלט מיר ! — זאָג איך אַ ליגען, — נאָר דער בויך איז ביי איהם צו גרויס.

— ער איז וויניג געוועזען נעבען דער מאַ־מען — ערקלערט ער מיר — ווען זי איז גע'־הרג'עט געוואָרען, איז ער אַלט געווען 3 וואָ־כען. אין אָנהויב האָט מען איהם געקאָרמעט מיט מילך פון אַ פלאַש. היינט עסט ער אינאיינעם מיט דער שקאַפּע. ער וועט אָבער זיין אַ גוט פערד.

— שלאָגט איהם ניט די שקאַפּע ?—וויל איך וויסען.

— ניין ! אין אָנהויב האָט זי געשלאָגען. זי איז ביי מיר אַ קלוגע און פערשטעהט אַלץ, היינט לעבען זיי גוט, הלואי אויף אַלע שטיפ־מאַמעס געזאָגט געוואָרען.

מיר זיינען אַרויף אויפ'ן „הר השמחה" און זיך אַוועקגעזעצט.

— מ'זאָגט — מאַכט צו מיר בנימין, — נישט דרייסט, — אַז איהר האָט ליעב פערד?

— מיר האָבען היינט גערעדט וועגען אייך.

— אודאי, האָב איך ליעב פערד ! בהמות אויך, אַלץ האָב איך ליעב. אַלץ דאַרף מען ליעב האָבען.

ער האָט געטראָפען אין ציעל . . . דער בחור האָט מיין האַרץ געקויפט. כ'האָב גע־ביטען מיין אָרט און זיך געזעצט נעבען איהם.

(שלוס פאָלגט)

*) אַ מין פּאַלערינע.
**) אַ קאָפּ־טיכעל.
***) אַ בייגעל אויף דער קאָפּ־טיכעל.

דר. פרענק ראָזענבלאַט

דער אינקאַם טעקס

אַניִן אָפּט ווערען קליינע רעפאָרמען בערעדט און בעזונגען אין דער גאַנצער פּרעסע און אין דער זעלבער צייט ווערט אַן אמת וויכטיגע רעפאָרם כמעט אין גאַנצען פערשוויגען, און דאָס זעהען מיר איצט אין שייכות צום אינקאָם טעקס.

דער אינקאָם טעקס און דער נייער טאַריף זיינען טהיילען פון איין געזעץ. און דאָך — ווי פערשיעדען דיעזע צוויי רעפאָרמען זיינען בעגעגענט געוואָרען! פּיעלע צייטונגען און זשורנאַלען האָבען כמעט פערגעסען צו דערמאָהנען אז דער „אינקאָם טעקס“ איז א טהייל פון דעם נייעם טאַריף געזעץ.

אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע איז דער נייער טאַריף בעהאַנדעלט געוואָרען אויף א מעהר אָדער ווענייגער וויסענשאַפטליכען אופן. די פראַגע וועגען דעם „אינקאָם טעקס“ איז אָבער אין גאַנצען איגנאָרירט געוואָרען. פּיעלע גענאָסען דענקען, אז דער נייער טעקס וועט ניט אָנריהרען די ארימע קלאַסען און די אַרבייטער, און דערפאַר לוינט זיך ניט פערנעהמען פּלאַץ מיט דער פראַגע. די שטייערען ווערען ארויפגעלעגט בלויז אויף די רייכערע קלאַסען, אויף די פּערזאָנען וואָס האָבען א יעהרליכען איינקונפט פון איבער דריי טויזענד דאָלאַר. דענקען אַלזאָ די מעהרסטע סאָציאַליסטען, אז דער ארבייטער האָט ניט קיין שייכות צו דער פראַגע. דאָס איז אָבער א גרויסער טעות. שטייערען ווערען ארויפגעלעגט אויפ'ן פּאָלק, אום די רעגירונג זאָל האָבען גענוג אויף איהרע הוצאות. מיט די שטייערען האַלט די רעגירונג אויס די ארמעע, די נייווי, די צעהנדליגע טויזענדער בעאַמטע, און ד. ג. די רעגיערונג גיט אויס הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרס יעדען יאָהר. עס מאַכט דארום אַ גרויסען אונטערשיעד פאַר די ארבייטער, אויף וואָס פאַר אַן אופן די רעגירונג קריעגט איהר הכנסה.

אום דער לעזער זאָל האָבען א בעסערען בעגריעף איבער דער פראַגע, וועלען מיר געבען א קורצען איבערבליק איבער די הויפּט פאָרמען פון שטייערען (טעקסעס).

* * *

אין די אַלטע צייטען, ווען פּריוואַט אייגענטהום איז נאָך ניט געוועז ענטוויקעלט, זיינען שטייערען ארויפגעלעגט געוואָרען אויף דעם גאַנצען שבט אָדער פּאָלק. רעגיערונגס בעאַמטע האָבען „געצעהלט די קעפּ“, ד. ה., זיי האָבען געמאַכט אַ צענזוס, און יעדער „קאָפּ“ האָט איינגעצאהלט זיין חלק, זיין שקל. אַלע האָבען געצאָהלט גלייך. עס זיינען ניט געווען קיין רייך אָדער אָרים; עס זיינען ניט געווען קיין קלאַסען.

די ענטוויקלונג פון פּריוואַט אייגענטהום האָט בעשאַפען צוויי געזעלשאַפטליכע קלאַסען: א הייפעלע לאַנדס־בעזיצער און דאָס פּאָלק. די לאַנדס־בעזיצער האַלטען אין זייערע הענד כמעט דעם גאַנצען פערמעגען פון דער מדינה. זיי דעקען די הוצאות פון דער רעגיערונג. זיי ווערען דער הערשענדער קלאַס. די שטייערען ווערען ארויפגעלעגט לויט דעם פּערמעגען פון דעם גוטס־בעזיצער. יעדער צאָהלט לויט דער ווערטה פון זיין לאַנד, פון זיינע פיה, און ד. ג. די רעגיערונג האָט ניט קיינע שוועריגקייטען צו קאָלעקטירען די טעקסעס. יעדער טעקס־קאָלעקטאָר ווייס די ווערטה פון דעם אייגענטהום — דאָס לאַנד און ד. ג. — און דער אייגענטהימער קען ניט בעהאַלטען זיין אייגענטהום.

אין מיטעל־אַלטער האָט דער מסחר אין די שטעדט בעשאַפען אַ נייעם קלאַס — דעם מיטעל קלאַס, די סוחרים, די בורזשואזיע. די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען ווערען מעהר קאָמפּליצירט. די סוחרים זאַמלען אָן רייכטהום. זייערע פערמעגענס בעשטעהען אָבער ניט פון לאַנד און פיה. זיי האָבען מזומן געלד, פערשיעדענע סחורות, תבואה, שיפען, און ד. ג. עס פאַנגט זיך אָן אַ קאַמפּף צווישען די לאַנדס־בעזיצער און די סוחרים. די לאַנדס־בעזיצער ווילען שוין מעהר ניט זיין די איינציגע צו טראָגען די הוצאות פון דער רעגירונג. דער קאַמפּף געהט אָן אין אַלע לענדער און דויערט הונדערטער יאָהרען. אזוי ווי די לאַנדס־בעזיצער זיינען געווען דער הערשענדער קלאַס, האָבען זיי אויסגעפיהרט, אז שטייערען זאָלען ארויפגעלעגט ווערען אויף א ל ע פאָרמען פון אייגענטהום. דער טעקס־קאָלעקטאָר האָט אָבער געהאַט גרויסע שוועריגקייטען מיט דעם מיטעל־קלאַס. ווי האָט דער קאָלעקטאָר געקענט בעווייזען אז א געוויסער סוחר האָט געהאַט מעהר געלד אָדער „פּערמעגען“, ווי דער סוחר האָט אליין געוואָלט צוגעבען? א סוחר האָט געקענט פערמאָגען צעהן טויזענד סטערלינג פונט אָדער הונדערט טויזענד פראַנק און דאָך זאָגען דער רעגיערונג אז ער פערמאָגט זעהר ווייניג. ווען דער קאָלעקטאָר האָט אפילו געפונען סחורה, האָט דער סוחר געקענט טענה'ן אז די סחורה איז ניט זיינע, אז ער איז בלויז

א קאָמיסיאָנער, אן אגענט, און ד. ג. די רעגיערונג האָט דארום אימער געהאַט גרויסע שוועריגקייטען צו קאָלעקטירען די שטייערן פון דעם מיטעל קלאַס.

דער וואוקס פון דעם מיטעל קלאַס אין די שטעדט האָט אויך צוגעהאָלפען בעשאַפען א קלאַס פון דעם נידריגערען שטאַנד,—פרייע ארבייטער, בעלי־מלאכות, מעקלערס, לעהרער, און ד. ג. דיעזער קלאַס וואקסט שנעל אין צאָהל און איבערשטייגט, נאַטירליך, די העכערע קלאַסען. זיי האָבען אָבער ניט קיין דעה אין דער רעגיערונג. די לאַנדס־בעזיצער און די סוחרים, פערשטעהט זיך, ווארפען דאן שוין ארויף דעם יאָך פון דער רעגיערונג אויף דעם נידריגען קלאַס, אויף די ארימע מאַסען. מיט פעראייניגטע קרעפטען ווירקען זיי אויס א נייעם שטייערן־געזעץ : אקציז־שטייערן געזעץ. די טעקסעס אויף לאַנד און אַנדערע אייגענטהום ווערען אָבגעשאַפען. עס ווערט אָבער ארויפגעלעגט א הויכער אקציז אויף די לעבענסמיטעל, וואָס דאָס פאָלק געברויכט. געהייסען האָט דאָס אז די רעגיערונג וויל דערגרייכען יעדען איינוואָהנער פון לאַנד און איהם צווינגען צו טראָגען זיין חלק פון דער הוצאה. אין אמת'ן איז דאָס אָבער געווען אום צו בעפרייען די רייכערע קלאַסען פון זייערע „אייגענטהום־שטייערן“. האָללאַנד איז אמאָהל געווען דאָס רייכסטע סוחר'שע לאַנד. די גרעסטע קויפלייט האָבען געוואָהנט אין האָללאַנד. עס איז דארום קלאָר, ווארום האָללאַנד איז געווען דאָס ערשטע לאַנד וואָס האָט איינגעפיהרט די אקציז־שטייערן אויף די לעבענסבעדערפניסע. זי האָט אראָבגענומען די ד י ר ע ק ט ע צינזען פון די רייכע אייגענטהימער און האָט זיי ארויפגעוואָרפען א י נ ד י ר ע ק ט אויף די אקסלען פון די ארימע מאַסען. דערפאַר הייסען דיעזע שטייערן „אינדירעקטע שטייערן“. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די איבעריגע לענדער האָבען איבערגענומען די זעלבע סיסטעם, וועלכע איז אין זיבצענטען יאָהרהונדערט געוואָרען דער הויפּט קוואַל פון הכנסה פון די אייראָפּעאישע מלוכות.

די „אינדירעקטע שטייערן“ זיינען געוואָרען זעהר פּאָפּולער ביי די רייכע. דערפאַר אָבער האָבען די אָרימע שיכטען פון דער בעפעלקערונג אימער פּראָטעסטירט געגען זיי.

פון צייט צו צייט האָבען די פריינד פון פאָלק — און אין 19טען יאָהרהונדערט די סאָציאַליסטען — געצוואונגען די הערשענדע קלאַסען צו רעכענען זיך מעהר אָדער ווייניגער מיט די אינטערעסען פון די אָרימע מאַסען און די ארבייטער. דער אונשטערבליכער פערדינאַנד לאַססאַל, צום ביישפּיעל, האָט אָנגעמאַכט א רעש אין דייטשלאַנד מיט זיין ווערק איבער די „אינדירעקטע שטייערן און די אַרבייטער“. א גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דעם שטייערן־סיסטעם האָבען אויך געהאַט די דעמאָקראַטישע בעוועגונגען פון די פערציגער יאָהרען און בעזאָנדערס די רעוואָלוציאָן פון 1848. די רעוואָלוציאָנערען און די סאָציאַליסטען האָבען געפאָדערט, אז די פערמעגליכע קלאַסען זאָלען דעקען אַלע הוצאות פון דער רעגיערונג. זיי האָבען אָנגעצייגט אויף דער אונגערעכטיגקייט פון אַלע פריהעריגע שטייערן־סיסטעמען און געפאָדערט, אז בלויז די וואָס האָבען א געוויסען איינקונפט יעדען יאָהר זאָלען דאַרפען צאָהלען צינזען. עס מאַכט ניט אויס פון וואָס א מאַן אָדער פרוי זאָל ניט האָבען זייער הכנסה — צי פון פּראָצענט אויף געלד, אָדער פון רענט, אָדער פון מאַנופעקטשור, אָדער פון א קראָם, אָדער פון א פּראָפעסיאָן און ד. גל. — אזוי לאַנג ווי זיי האָבען מעהר ווי א געוויסען מינימום יעדען יאָהר, מוזען זיי צאָהלען זייער „אינקאָם טעקס“ — די שטייערן פון זייערע הכנסות. די אַגיטאַציאָן פון די רעוואָלוציאָנערען און די סאָציאַליסטען האָט געצוואונגען די מעהרסטע אייראָפּייאישע מלוכות כאָטש טהיילווייז איינצופיהרען די איינקונפטס־שטייערן. עס פערשטעהט זיך, אַז דער „אינקאָם טעקס“ אַליין שאַפט נאָך ניט אָב דעם איבעל פון אונגערעכטע שטייערן. עס ווענדט זיך זעהר פיעל וועלכע איינקינפטען זיינען פריי פון שטייערן. אויב אן אַרבייטער, וואָס פערדיענט דריי דאָלאַר א וואָך, מוז צאָהלען שטייערן, איז דאָס סיסטעם פאַר איהם גאָר ניט אַזאַ מציאה. כדי דאָס סיסטעם זאָל ווירקליך זיין צו גונסטען פון די אָרימע קלאַסען, מוז דאָס געזעץ בעפרייען פון שטייערן אַלע פאַמיליען, וואָס פערדיענען ווייניגער ווי א געוויסען „מינימום“, — לאָמיר זאָגען, צוויי אָדער דריי טויזענד דאָלאַר א יאָהר. אין אייראָפּאַ איז אָבער דער „מינימום“ א גאַנץ נידריגער און די איינקינפטס־שטייערן אָנשטאָט צו פערלייכטערן די לאַגע, זיינען גאַנץ אָפט א שווערע לאַסט אויף די אַרבייטער־פאַמיליען.

* * *

אין די פעראייניגטע שטאַאטען האָט דער „אינקאָם טעקס“ זיין אייגענע געשיכטע.

דער אינקאָם טעקס האָט עקזיסטירט אין די קאָלאָניעס נאָך אין דעם 17טען יאָהרהונדערט. די לאָקאַלע רעגיערונגען האָבען ארויפגעלעגט שטייערן אויף אַלע פּראָפיטען פון די סוחרים. אַרבייטער שכירות זיינען געווען פריי פון דירעקטע שטייערן. א גרויסע ראָלע האָט אָבער דער „אינקאָם טעקס“ אָנגעהויבען צו שפּיעלען אין פערשיעדענע שטאַאטען ערשט אין דעם אָנפאַנג פון די פערציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט. עס האָט זיך גע־

גומען דערפון, וואָס די פעדעראַלע רעגיערונג האָט אין 1839 זיך ענטזאַגט צו העלפען די שטאַאַטס-רעגיערונגען אין זייערע הוצאות. די שטאַאַטען האָבען זיך געפונען אין א גרויסער פערלעגענהייט. און די מעהרסטע פון זיי האָבען דארום איינגעפיהרט א דירעקטען טעקס אויף די איינוואָהנער — דעם „אינקאָם-טעקס“.

דער ערשטער שטאַאַט דאָס צו טהאָן איז געווען פענסילווייניא. אין 1840 האָט זי ארויפגעלעגט א טעקס פון איין פראָצענט אויף אַלע איינוואָהנער, וואָס קריגען געהאַלט (סאַלאַריעס), און איין צעהנטעל פראָצענט אויף אַלע איינקינפטע פון האַנדעל, פון פראָפעסיאָנען, ארבייט און ד. גל. שפּעטער מיט א יאָהר איז דער טעקס אויף געהאַלט געהעכערט געוואָרען ביז צוויי פראָצענט און דער טעקס אויף אַלע אנדערע איינקינפטע איז געהעכערט געוואָרען ביז איין פראָצענט. עהנליכע געזעצע זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אין מערילענד אין 1841; אין ווירדזשיניא — אין 1843; אין אַלאַבאַמאַ — אין 1843; אין פלאָרידא — אין 1845; אין נאָרטה קאראליינא — אין 1849.

אין דער צייט פון דעם בירגער-קריעג זיינען מעהרערע שטאַאַטען פון דער סויטה געווען געצוואונגען צו רעטען זייער פינאַנציעלע לאַגע מיט דער הילף פון אן אינקאָם טעקס. דזשאָרדזשיא האָט איינגעפיהרט דעם טעקס אין 1863; לוזיאַנא אין 1864; טעקסעס — אין 1866 און ד. גל.

דער „אינקאָם טעקס“ אין די שטאַאַטען איז געווען א פאַלקאָמענער דורכפאַל. די אַדמיניסטראַציאָן איז אין די מעהרסטע פעלע געווען אין שלעכטע הענד. די בירגער — די גרויסע העלדען צו זינגען שבחים די סאָלדאַטען אויף דעם שלאַכט-פעלד, האָבען ארויסגעצייגט זייער הייסען פאַטריאָטיזם אין פערלייקענען זייערע ריכטיגע הכנסות. דער טעקס האָט אריינגעבראַכט זעהר ווייניג די שטאַאַטען און נאָך דער מלחמה איז ער געבליבען א טויטער בוכשטאַב אין די געזעץ-ביכער פון אַלע שטאַאַטען.

* * *

די נאַציאָנאַלע רעגיערונג פון דיזען לאַנד האָט צום ערשטען מאָל דורכגעפיהרט אן „אינקאָם טעקס“ אין אָנפאַנג פון דעם בירגער-קריעג. גערעדט פון אזא טעקס האָט מען נאָך אין 1815. דער דאַמאָלסדיגער פינאַנץ-מיניסטער (סעקרעטערי אָוו דהי טרעזשורי) האָט אין זיין רעפּאָרט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם קאָנגרעס, אז אזא טעקס וואָלט געקענט אריינברענגען גאַנצע דריי מיליאָן דאָלאַר א יאָהר. דער קאָנגרעס איז אָבער אימער קאָנטראָלירט געוואָרען פון די גוטס-בעזיצער און קאַפּיטאַליסטען. ביידע קלאַסען זיינען נאַטירליך געווען געגען אן אינקאָם טעקס. די גוט-בעזיצער ווילען ניט צאָהלען קיין דירעקטע שטייערען. עס הייסט ביי זיי נעהמען גרייט געלד פון קעשענע און ארויסוואַרפען. דער בירגערליכער געפיהל איז אין זיי זעהר ווייניג ענטוויקעלט. דאָס האָט געצייגט די ערפאַהרונג מיט דעם אינקאָם טעקס אין די פערשיעדענע שטאַאַטען. די פאַבריקאַנטען זיינען געגען אן אינקאָם טעקס צוליעב נאָך אן אנדער אורזאַכע. פאַר די פאַבריקאַנטען לוינט זיך ניט, אז די רעגיערונג זאָל האָבען א דירעקטע הכנסה פון די בירגער. זיי ווילען, אז די רעגיערונג זאָל זיין אין גאַנצען אָבהענגיג פון דעם טאַריף אויף אויסלענדישע סחורות. אויב די רעגיערונג וועט האָבען אן איינקונפט פון אן אנדער קוואַל, וועט זי מוזען רעדוצירען דעם טאַריף.

אין דער צייט פון דעם בירגער-קריעג האָט דער טאַריף, נאַטירליך, ניט אריינגעבראַכט גענוג צו דעקען די אונגעהויערע הוצאות פון דער מלחמה. דער קאָנגרעס האָט דאָס באַלד איינגעזעהען און, נאָך לאַנגע דיסקוסיאָנען, האָט ער אין 1861 געפאַסט א געזעץ, אז „יעדער איינוואָהנער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, וואָס האָט א יעהרליכען איינקונפט פון איבער אַכט הונדערט דאָלאַר, זאָל צאָהלען א טעקס פון דריי פראָצענט פון זיין איינקונפט. עס איז קיין אונטערשיעד אויב ער האָט די הכנסה פון אירגענד וועלכען אייגענטהום, אָדער פון א פראָפעסיאָן, מלאכה, בעשעפטיגונג, אָדער פון אירגענד וועלכען קוואַל. אין פאַל פון בירגער, וואָס וואָהנען אין אויסלאַנד, איז דער טעקס בעשטימט געוואָרען פינף פראָצענט פון זייער איינקונפט.

דיעזער געזעץ איז קיין מאָל ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. סעקרעטערי טשייס, לינקאָלן'ס פינאַנץ מיניסטער, האָט אין זיין רעפּאָרט פון דעצעמבער, 1861, קריטיקירט דעם געזעץ און אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז די רעגיערונג וועט זעהר ווייניג געווינען פון דעם טעקס, ווייל די הוצאות צו קאָלעקטען די שטייערען וועלען זיין זעהר גרויס. דער קאָנגרעס האָט דארום אין 1862 געפאַסט א נייעם געזעץ, ארויפלעגענדיג ספּעציעלע טעקסעס אויף קאָרפּאָריישאָנס, אייזענבאַהנען, באַנקען, פערזיכערונגס-קאָמפּאַניעס און ד. גל. אין דער זעלבער צייט איז א טעקס פון דריי פראָצענט ארויפגעלעגט געוואָרען אויף דעם געהאַלט פון אַלע רעגיערונגס-בעאַמטע, וואָס קריגען מעהר פון זעקס הונדערט דאָלאַר, און אויף די „יעהרליכע ערוואַרבונגען, פּראָפיטען אָדער הכנסות פון יעדען איינוואָהנער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, אָהן אונטערשייד אויב ער קריגט זיי פון אירגענד וועלכען סאָרט אייגענטהום, פון רענט, פון פראָצענט, דיווידענדס, שכירות,

אָדער פון אירגענד וועלכער פּראָפעסיאָן, מלאכה, בעשעפטיגונג, וועלכע ער האָט אין די פעראייניגטע שטאַאטען אָדער אנדערשוואו, אָדער פון אירגענד וועלכען אַנדער קוואַל". דער מינימום איינקונפט, וואָס איז געווען פריי פון טעקסעס, איז געווען זעקס הונדערט דאָלאַר. אַ הכנסה פון איבער צעהן טויזענד דאָלאַר איז געטעקסט געווען מיט פינף פּראצענט. דער טעקס אויף בירגער, וואָס וואוינען אין דער פרעמד, איז געווען פינף פּראצענט.

דיזער געזעץ איז אריין אין קראַפט אין יולי, 1863. די קאָסטען פון דער מלחמה זיינען געווען פיעל גרעסער ווי מען האָט ערווארטעט און די מלחמה אליין האָט זיך פערצויגען פיעל לענגער. די טעקסעס האָבען וויידער אמאָל געמוזט געהעכערט ווערען. דער געזעץ פון 1864 לעגט ארויף אַ טעקס פון פינף פּראצענט אויף די אייזענבאַהנען, באַנקען, פערזיכערונגס קאָמפּאַניעס און אויף געהאַלט. אויסער דעם מוז יעדער איינוואָהנער צאָהלען פינף פּראצענט פאר אַן איינקונפט פון זעקס הונדערט ביז פינף טויזענד דאלאר אַ יאָהר; זיבען און אַ האַלב פּראצענט פאַר 5001 ביז 10.000 דאלאר און צעהן פּראצענט פאַר אַ הכנסה פון איבער צעהן טויזענד דאלאר.

באַלד נאָך דער מלחמה האָט אין קאָנגרעס זיך אָנגעהויבען צו הערען די מעכטיגע שטימע פון דעם זיעגער — דעם קאַפּיטאַליסט. דער „אינקאָם טעקס" איז גאָר ניט געווען נאָך זיין געשמאַק. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט ער זיך צוריקגעהאַלטען. ער איז ניט ארויסגעטראָטען אָפען געגען דעם טעקס, — ער האָט אָבער שכל געהאַט צו מאַכען דעם געזעץ צו גאָר ניט. דער רעפּאָרט פון דעם פינאַנץ מיניסטער פון דעצעמבער, 1864, בעקלאָגט זיך, אז דער „אינקאָם טעקס" איז געווען אַ דורכפאַל פּשוט דערפאַר, ווייל די וואהלהאבענדע בירגער האָבען „מיט שווינדעל אויסגעמיטען די בעשטימונגען פון געזעץ". נאָך דער מלחמה איז די פראַגע פון דעם טעקס שוין ניט געווען אזוי דעליקאטנע. דער קאפּיטאַליסט האָט שוין קיין מורא ניט געהאַט, אז מען וועט ווארפען אַ חשד אויף זיין פּאַטריאָטיזם. זיינע פּאָרשטעהער זיינען דערפאַר באַלד ארויסגעטראָטען מיט ביטערע אַטאַקעס אויף דעם אינקאָם טעקס. זיי האָבען גע'טענה'ט, אז די רעגיערונג קען קריגען איהר הכנסה אויף אַ מעהר אַנשטענדיגען אופן, אויף אַן אינדירעקטען וועג, מיט דער הילף פון דעם טאַריף, און אז דער „אינקאָם טעקס" איז אַן „אינקוויזיטאָרישע" פּאָדערונג פון דער רעגיערונג. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די שטאַאטען האָט באַלד נאָך דעם קריעג זיך אָנגעהויבען צו פערבעסערען. פערשיעדענע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען זיינען אויפגעקומען כמעט יעדען טאָג. די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז געווען פער'שכור'ט פון איהר גרויסען נצחון. זי האָט אָבגעשאַפט די שעדליכע קנעכטשאַפט אין אַמעריקאַ; זי האָט צובראָכען די קייטען פון די נעגער־שקלאַפען. דאָס איז אָבער ניט געווען איהר צוועק. זי האָט אַנערקענט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פאַר דעם פאָטער פון דער אַלטער אַמעריקאַ, פון דער אריסטאָקראַטישער אַמעריקאַ. אויף זיך האָט זי געקוקט ווי אויף דער מוטער פון דער צוקינפטיגער אַמעריקאַ, — די אַמעריקאַ פון עלעקטריציטעט און דאַמפף, די אַמעריקאַ פון טראָסטס און מאָנאָפּאָלען. דער גרויס־קאַפּיטאַליזם איז געוואָרען איהר אידעאַל. אַ הויכער טאַריף איז געווען דער בעסטער מיטעל צו פערווירקליכען דיעזען אידעאַל. דער „אינקאָם טעקס" וואָלט פיעל געשאַדט די אינטערעסען פון די פּראָטעקציאָניסטען. עס איז געווען נויטיג, אז די טרעזשורי זאָל ניט האָבען קיין זייטיגע הכנסות. דער געזעץ פון 1864 איז זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז. זיי האָבען איהם אָבער ניט געקענט אין גאַנצען אָבשאַפען. לויט איינעם פון זיינע פּונקטען האָט ער געמוזט בלייבען אין קראַפט ביז 1870. זיי האָבען איהם דאָך אַמענדירט אין 1867. דער מינימום איינקונפט איז געהעכערט געוואָרען אויף טויזענד דאלאר און דער טעקס איז רעדוצירט געוואָרען צו פינף פּראצענט אפילו אויף די גרעסטע הכנסות. אין 1870 זיינען ווידער פאָרגעקומען היציגע דעבאַטען אין קאָנגרעס. איינציגע קאָנגרעסלייט האָבען מיט רעכט געפאָדערט, אז דער „אינקאָם טעקס" זאָל בלייבען אין קראַפט. איינער פון זיי האָט זיך ניט געשעמט צו זאָגען זיינע קאָלעגען, אַז „די אָפּאָזיציאָן צו דעם טעקס קומט פון לייטע, וואָס ווערען פעט אויפ'ן חשבון פון די רייכטימער פון לאַנד". אַן אַנדערער האָט אויפגעוויזען, אז „יעדער דאלאר, וואָס איהר נעהמט אראָב פון דעם רייכען מאַן'ס אינקאָם טעקס, מוז פאַלען אויף דעם אָרימאַן". דער געזעץ איז דאַן ווייטער אַמענדירט געוואָרען, ארויפלעגענדיג אַ טעקס פון צוויי פּראצענט אויף אַלע הכנסות פון איבער צוויי טויזענד דאלאר. די פּראָטעקציאָניסטען זיינען אָבער געוואָרען אַלץ שטאַרקער. און די איינקינפטס־שטייערען זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען אין 1873.

* * *

דער וואוקס פון גרויס־קאַפּיטאַליזם אין די זיעבציגער און אכציגער יאָהרען פון לעצטען יאהרהונדערט האָט איבערטראָפען די בעסטע ערוואַרטונגען פון די קאַפּיטאַליסטען. דער הויכער טאַריף האָט געהאָלפען אויפצובויען ריעזען אינדוסטריען און זיי קאָנצענטרירט אין די הענד אָדער קאָנטראָל פון איינצעלנע פּערזאָנען. די שטאָל אינדוסטריע, די מינען, די

אײזען פאבריקען, די צוקער אינדוסטריע, די אויל אינדוסטריע, די בראַנפען אינדוסטריע, און ד. ג., — אַלע זײנען אין יענער צײט אויסגעוואַקסען גרויס און מעכטיג. דער טאַריף האָט אָבגעשאַפט די קאָנקורענץ פון דער פרעמד. די פעראײניגונג פון די גרויסע פאבריקען און מינען) די „יד אחת“, וואָס די גרויסע קאַפּיטאַליסטען האָבען געמאַכט, האָט אָבגעשאַפט קאָנקורענץ אין דער היים. די סטענדארד אויל קאָמפּאַניע איז געוואָרען א טראָסט, וואָס קאָנטראָלירט די גאַנצע אינדוסטריע, אין 1882; דער צוקער טראָסט און דער בראַנפען טראָסט זײנען אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1887. די טראָסטס האָבען מיט דער הילף פון די אײזענבאַהנען געקענט דערשטיקען יעדען „אונאַבהענגינגען“ קאָנקורענט. זײ זײנען דארום אין אַ גאַנץ קורצער צײט געוואָרען אמת'ע מאָנאָפּאָלען, זײ האָבען קאָנטראָלירט ניט נור די פרײזען פון זײערע פּראָדוקטען , נאָר זײ האָבען אויך געהאָלפען וועמען זײ האָבען געוואָלט און וועמען זײ האָבען געדאַרפט ; זײ האָבען פערניכטעט יעדען וואָס איז זײ געשטאַנען אין וועג. די גרויסע קאַפּיטאַליסטען זײנען געווען די אײנציגע הערשער אין לאַנד, זײ האָבען געצוואונגען דאָס גאַנצע פאָלק צו צאָהלען זײ הויכע צינזען און העלפען זײ אָנזאַמלען אונגעהײערע קאַפּיטאַלען.

עס פערשטעהט זיך אז אין יענער צײט איז דער אינקאָם טעקס קײנמאָל ניט דערמאָהנט געוואָרען אין קאָנגרעס אָדער אויף די קאָנווענשאָנס פון דער הערשענדער פּארטײ. ווען ניט־וועגן האָבען די סאָציאַליסטען און שפּעטער די פּאַפּוליסטען (די פּארטײ פון פּארמער) געפאָדערט אַן אינקאָם טעקס. דער קאָנגרעס האָט אָבער ניט געשאָנקען קײן אויפמערקזאַמקײט צו זײערע פאָדערונגען.

די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געביטען אין דעם אָנפאַנג פון די נײנציגער יאָהרען. די טראָסטס האָבען בעשאַפען אַן אנטי־טראָסט בעוועגונג. דער הויכער טאַריף האָט, פון אײן זײט, ארויסגערופען א שטאַרקע אָפּאָזיציאָן פון די פּארמערס אין דער וועסט און סויטה, און צוגלײך האָט די מאָנאָפּאָליסטישע טהעטיגקײט פון די טראָסטס אויפגעהעצט די „אונאבהענגיגע“ מיטעלע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע די טראָסטס האָבען געזוכט צו דערשטיקען. דער אנטי־טראָסט געזעץ פון 1890, דער בעריהמטער „שערמאַן אַקט“, איז געווען די ערשטע נאָכגעבונג — דער קאָנגרעס האָט זיך גענומען בויגען פאַר דעם ווילען פון פאָלק. דיעזע נאָכגעבונג האָט אָבער ניט געקענט צופרידענשטעלען די ברײטע מאַסען, כאָטש זי האָט ווי עס איז בעשיצט די אינטערעסען פון דעם מיטעל־קאַפּיטאַליסט. די אונצופריעדענהײט, ווי יעדען איז בעוואוסט, האָט זיך געענדיגט מיט דעם זיעג פון די דעמאָקראַטען בײ די וואַהלען פון 1892.

אין זײן ערשטען מעסעדזש צום קאָנגרעס אין 1893 האָט פּרעזידענט קליוולענד דיסקוטירט די טאַריף־פראַגע. ער האָט אויפגעוויזען, אז דער טאַריף מוז רעדוצירט ווערען. כדי צו דעקען דעם דעפיציט פון דער טרעזשורי, האָט ער פאָרגעשלאָגען אז אַן אינקאָם טעקס זאָל ארויפגעלעגט ווערען אויף די קאָרפּאָריישאָנס. די פּארמערס האָבען אָבער געפאָדערט מעהר. זײ האָבען געפאָדערט אַן אלגעמײנעם אינקאָם טעקס און זײ האָבען אויסגעפיהרט. נאָך לאַנגע דיסקוסיאָנען און טראָטץ דער אָרגאַניזירטער אָפּאָזיציאָן פון די פּראָטעקציאָניסטען, האָט דער קאָנגרעס געפּאסט אַן אינקאָם טעקס געזעץ אין 1894. דער געזעץ איז אַטאַקירט געוואָרען אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע אלס אַ „עכט סאָציאַליסטישע פּאַליסי“, וועלכע איז געגען אַלע „דעמאָקראַטישע טראַדיציעס“ פון לאַנד. ווי פערשיעדען עס איז דער בעגריף פון דעמאָקראַטיע !

דער געזעץ פון 1894 איז קײנמאָל ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. אזוי שנעל ווי די טרעזשורי האָט פּרובירט אויפמאָהנען דעם טעקס, האָט אײן קאַפּיטאַליסט אָנגעגעבען אין קאָורט, אז די רעגיערונג וויל אונגעזעצליך אַוועקנעהמען זײן אײגענטהום. אזוי ווי די קאָנסטיטוציע פון די פעראײניגטע שטאַאטען זאָגט בפירוש, אז די רעגיערונג קען ארויפלעגען „דירעקטע טעקסעס“ בלויז ווען דער טעקס איז אָהן אונטערשיעד אויף יעדען גלײך ; און אזוי ווי דער אינקאָם טעקס מאַכט אַן אונטערשיעד צווישען ארימע און רײכע אײנוואָהנער, און דער טעקס איז ניט גלײך אויף יעדען אײנוואָהנער, האָט דארום דער סופרים קאָורט גע'פּסק'עט אז דער אינקאָם טעקס געזעץ איז געגען דער קאָנסטיטוציע פון די פעראײניגטע שטאַאטען און האָט קײן שום ווערטה ניט. דאָס העכסטע געריכט אין לאַנד האָט בטל געמאַכט דעם געזעץ.

דאָס פאָלק איז געווען ענטריסטעט געגען דעם פּסק פון דעם סופרים קאָורט. א פאָדערונג איז געמאַכט געוואָרען אז דער קאָנגרעס זאָל מאַכען אַן אמענדעמענט אין דער קאָנסטיטושאָן, וועלכער זאָל ערלויבען א דירעקטען אינקאָם טעקס, און זאָל דעם אַמענדמענט איבערגעבען צו דער אבשטימונג פון די שטאַאטען. עס האָט אָבער גענומען גאַנצע פינפצעהן יאָהר אײדער דער קאָנגרעס האָט אײנגעוויליגט אויף אזא אמענדמענט.

דער קאָנסטיטוציאָנעלער אמענדמענט איבער דעם אינקאָם טעקס איז איצט בעקאַנט אלס דער „זעכצעהנטער אַמענדמענט“. ער איז דורכגעגאַנגען אין קאָנגרעס א דאַנק דער אונערמיעדליכער ארבײט און פעסטער שטעלונג פון די עטליכע פּראָגרעסיווע רעפּובליקאַנער, וועלכע זײנען אין 1909 געווען אונטער דער פיהרערשאַפט פון סענאַטאָר לאַפּאלעט און וועלכע זײערע קאָלעגען האָבען אַ נאָמען געגעבען „אינ־

כורגעטען", דאָס הייסט בונטאָווטשיקעס. די אינסורגענטען האָבען אין 1909 געפאָדערט אז דער טאַריף זאָל רעדוצירט ווערען און אז דער קאָנגרעס זאָל דורכפיהרען א נייעם אינקאָם טעקס. די פּראָטעקציאָניסטען האָבען געוואָלט אָנהאַלטען זייער מאַכט אויף ווי לאַנג עס איז נור מעגליך געווען און זיי האָבען בעשלאָסען אויסצומיידען דעם אינקאָם טעקס. זיי האָבען געלאָזט דורכפיהרען א קאָרפּאָריישאָן טעקס, דערמיט אבציהענדיג שטימען פון די אנסורגענטען. די סענאַטאָרס אלדריטש און רוט האָבען זיך אפילו ניט געשעהמט צו זאָגען אָפען אין סענאַט, אז זיי שטימען פאר א קאָרפּאָריישאָן טעקס, אום צו שלאָגען דעם אינקאָם טעקס. דאָס איז אָבער ניט געווען די איינציגע הנחה, וואָס זיי האָבען געמאַכט די אינסורגענטען. פּרעזידענט טאַפט איז פונקט ווי אלדריטש און רוט געווען געגען איינקונפטס שטייערען. ער איז אייניגע מאָל ארויסגעטראָטען געגען א קאָנסטיטוציאָנעלען אמענדמענט צו גונסטען פון אזעלכע שטייערען. ער האָט אָבער פערשטאַנען דעם וואונק פון זיינע גענאָסען. עס איז געווען א געפאַהר, אז די אינסורגענטען וועלען אויספיהרען און מאכען דעם אינקאָם טעקס אלס א טהייל פון דעם טאַריף געזעץ. און דער פּרעזידענט האָט מיט א מאָל געענדערט זיין „איבערצייגונג". אין זיין מעסעדזש פון דעם 16טען יוני, 1909, זאָגט ער: „איך האָב זיך איבערצייגט אז א גרויסע מאיאָריטעט פון די בירגער פון דיזען לאַנד זיינען פאר דעם, אז די רעגירונג זאָל קריעגען די מאַכט ארויפצולעגען איינקופטס־שטייערען". ער האָט דארום רעקאָמענדירט דעם זעכצעהנטען אמענדמענט. דיזען מאָל איז די ארבייט געטאָן געוואָרען גאַנץ שנעל. דער אמענדמענט איז אין סענאַט אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג דעם 5טען יולי, און אין דעם הויז אוו רעפּרעזענטעטיווס איז ער דעם 12טען יולי, 1909, דורכגעגאַנגען מיט 318 געגען 14 שטימען. דער אמענדמענט איז באלד ארויסגעשיקט געוואָרען צו די שטאַאטס לעגיסלאטורען און איז געזעצליך גוטגעהייסען געוואָרען.

דער אמענדמענט האָט אלזאָ געגעבען דעם דעמאָקראטישען פּרעזידענט און דעם דעמאָקראטישען קאָנגרעס אן „אָבגעשיילט אייעלע". דער קאמפּף פאר דעם אינקאָם טעקס האָט אָנגעהאַלטען פיעלע יאָהרען. אין אָנפאַנג איז ער געפיהרט געוואָרען פון די סאָציאליסטען און סאָציאליסטיש־געזינענע פראַקציעס פון דעם מיטעל קלאס און פארמערס. שפּעטער האָבען די ראדיקאַלען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס פיעל געהאָלפען אין דעם קאַמפּף פאר גערעכטערע שטייערען. די דעמאָקראַטען זיינען געקומען צום גרייטען. אלעס וואָס זיי איז געבליבען צו טאָן איז אויסצופיהרען דעם ווילען פון פאָלק. זיי האָבען דאָס געטאָן. דער „אינקאָם טעקס" איז היינט א געזעץ. ער איז געפאַסט געוואָרען דעם 3טען אָקטאָבער 1913.

* * *

דער נייער געזעץ איז א גאַנץ פּראָגרעסיווער. ער בעפרייט פון שטייערען יעדען מאַן אָדער פרוי וואָס האָט אן איינקונפט ווייניגער ווי דריי טויזענד דאָלאַר א יאָהר. פאר א פערהייראטע פּאָאַר פּאָלק איז דער מינימום איינקונפט פיער טויזענד דאָלאר א יאָהר. דער געזעץ איז ניט קלאָר אין אלע הינזיכטען, עס איז ניט גאַנץ קלאָר וועלכע „אינקאָמס" וועלען זיין פריי פון דעם טעקס. די בעשטימונגען פון דעם געזעץ זיינען זעהר לאַנג און פערפלאָנטערט. אפילו לאָיערס זיינען ניט גאַנץ זיכער אז זיי פערשטעהען די טעכנישע שפּראַך. איין זאַץ פון דעם געזעץ, צום ביישפּיעל, האָט 1214 ווערטער, — ארום צוויי זייטען פון דער „צוקונפט". דער פינאַנץ מיניסטער וועט מוזען אויסטייטשען דעם געזעץ, ווען עס וועט פאָרקומען א פראַגע וועגען אירגענד וועלכען פונקט: עס וועלען, וואהרשיינליך, אויך פאָרקומען סכסוכים און מיספערשטענדניסע אין די קאָרטס. מיט אַלע פעהלערען איז דאָס דאָך א זעהר גוטער געזעץ. אויב ער וועט ריכטיג אָנגעווענדעט ווערען, וועט ער מוזען פריהער אָדער שפּעטער האָבען א ווירקונג אויף דעם טאַריף, און די ארבייטער מאַסען וועלען כאָטש טהיילווייז בעפרייט ווערען פון דעם שווערען יאָך פון „אינדירעקטע שטייערען".

לויט דעם געזעץ, מוז יעדער בירגער פון די פעראייניגטע שטאַאטען, צו ער וואָהנט דאָ אָדער אין אויסלאַנד, און יעדער אויסלענדער וואָס וואָהנט אין די שטאַאטען, צאָהלען אן אינקאָם טעקס, אויב זיין אדער איהר נעט איינקונפט איז מעהר ווי דריי טויזענד דאָלאר א יאָהר (פיער טויזענד פאר פערהייראטע מענער און פרויען). דער טעקס ווערט איינגעטהיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: „נאָרמאַל טעקס" און „אדדישאָנאַל טעקס". ווען א פערזאָן האָט אן איינקופט פון דריי טויזענד דאָלאר, אָדער פיער טויזענד דאָלאר פאר פערהייראטע, צאָהלט ער אָדער זי קיין איינציגען סענט. האָט ער אָדער זי אָבער אן איינקופט פון, לאָמיר זאָגען, פיער טויזענד דאָלאר (אָדער פינף טויזענד פאר פערהייראטע), מוז ער אָדער זי צאָהלען דעם „נאָרמאַל טעקס" פון איין פּראָצענט אויף דעם איינקונפט איבער די דריי טויזענד דאָלאַר, ד. ה., ער אָדער זי מוז צאָהלען טעקסעס פאר בלויז טויזענד דאָלאר. אלזאָ, דער נאָרמאַל טעקס ווערט ארויפגעלעגט אויף אַלע הכנסות וואָס זיינען העכער פון דריי (אָדער פיער אין פאַל פון פערהייראַטע). און אזוי ביז צו צוואַנציג טויזענד דאָלאר. די ערשטע דריי טויזענד זיינען אימער אויסגעשלאָסען. האָט איינער א הכנסה איבער צוואנציג טויזענד, לאָמיר זאָגען, דרייסיג טויזענד דאָלאַר, דאן מוז ער צאָהלען דעם „נאָר־

מאָל טעקס" פאַר זיבען און צוואַנציג טויזענד דאָלאַר, און אויסער דעם אין „אדדישאַנאַל טעקס" פאַר דער סומע איבער די צוואַנציג טויזענד דאָלאַר. פון צוואַנציג ביז פינפציג טויזענד דאָלאַר איז דער „אדדישאַנאַל טעקס" איין פּראָצענט ; פון פינפציג ביז פינף און זיבציג טויזענד איז דער עקסטרא טעקס צוויי פּראָצענט ; פון 75 ביז הונדערט טויזענד — דריי פּראָצענט ; פון הונדערט טויזענד ביז 250 טויזענד — פיער פּראָצענט ; פון 250 ביז 500 טויזענד — פינף פּראָצענט, בעת אַלע הכנסות איבער א האַלבען מיליאָן דאָלאַר א יאָהר וועלען צאָהלען אין „אדדישאַנאַל טעקס" פון זעקס פּראָצענט.

דער טעקס ווערט ארויפגעלעגט אויף נעט איינקונפט. אויב א לאַיער מאַכט צעהן טויזענד דאָלאַר א יאָהר און ער האָט עקספּענסעס, לאָמיר זאָגען, טויזענד דאָלאַר אין אָפיס, זעקס הונדערט דאָלאַר פאַר א קלוירק, פיער הונדערט דאָלאַר פאַר רייזע קאָסטען און ד. ג., הייסט דאָס אז זיין נעט הכנסה איז בלויז אַכט טויזענד דאָלאַר. פון דיזע אַכט טויזענד דאָלאַר דאַרף ער אראָבערעכנען דריי טויזענד דאָלאַר (אָדער פיער טויזענד אויב ער איז פערהייראַט), וועלכע זיינען פריי פון טעקסעס. דער לאַיער דאַרף אַלזאָ צאָהלען א „נאָרמאַל טעקס" פון איין פּראָצענט אויף בלויז פינף טויזענד דאָלאַר (אָדער פיער טויזענד, אויב ער איז פערהייראַט).

געוויסע הכנסות זיינען פריי פון טעקסט. רעגיערונגס בעאַמטע דאַרפען ניט צאָהלען קיין אינקאָם טעקס. האָט אימיצער א הכנסה פון רעגיערונגס פאַפּיערען, באָנדס, און ד. ג., דאַרף ער פאַר דיזער סומע קיין טעקס ניט צאָהלען.

עס וועלען נאַטירליך פאָרקומען אינטערעסאַנטע פראַגען. ווען איינער האָט א הויז און ער פערדינגט צו א שכן פאַר טויזענד דאָלאַר א יאָהר, וועט ער מוזען איינרעכנען די טויזענד דאָלאַר אין זיין הכנסה און צאָהלען א טעקס. ווי איז אָבער דער דין ווען דער מאַן וואָהנט אליין אין דעם הויז, דאַרף ער רעכנען די טויזענד דאָלאַר אלס א טהייל פון זיין הכנסה אָדער ניט ? דיזע און עהנליכע פראַגען וועלען אָבער מיט דער צייט פערענטפערט ווערען אָדער פון דעם סעקרעטערי אָוו דהי טרעזשורי אָדער פון די קאָורטס. עס וועלען נאַטירליך אויך פאָרקומען גענוג שווינדלען ביים אויספילען די „אינקאָם טעקס בלענקס". פיעלע וועלען שווערען אז זיי האָבען א קלענערע ווי זייער ווירקליכע הכנסה. דאָס זיינען אָבער אַלץ קליינינקייטען, וועלכע מען קען ניט אויסמיידען און וועלכע שטערען דאָך ניט די גוטע זייטען פון דעם געזעץ. די גרויסע קאַפּיטאַליסטען וועלען דאָך מוזען איינצאָהלען א גוטע אַפּותיקא דער רעגיערונג. דאָס וועט הייסען, אראָב נעהמען אזוי פיעל פון די אַקסלען פון די ארימע מאַסען.

דעם ערשטען מערץ פון דיזען יאָהר וועלען אַלע פערזאָנען, מענער און פרויען, וואָס האָבען הכנסות מעהר ווי דער פרייער מינימום, מוזען צושטעלען צום טעקס קאָלעקטאָר א פולען ליסט מיט אַלע איינצעלהייטען פון זייערע נעט איינקינפטע. דיזען מאָל וועט דער טעקס גערעכענט בלויז פאַר צעהן חדשים, פון מערץ 1913 ביז דעם ערשטען יאַנואַר, 1914. אן אונפערהייראַטער מאַן אָדער פרוי וועט דאַרפען צאָהלען זיין טעקס אויף אַלע סומען איבער 2500 דאָלאַר, וואָס ער אָדער זי האָט איינגענומען אין די צעהן חדשים, בעת א פערהייראַטע פּערזאָן וועט דאַרפען צאָהלען אויף אַלע סומען איבער 3,333 דאָלאַר און 33 סענט. עס וועט דאַן זיין לייכט אויסצוגעפינען ווי פיעל דער אינקאָם טעקס וועט אריינברענגען דער רעגיערונג.

ד. טישאַרני

* * *

ד'האָב די ליעבעס און די ליעבסטע
איינגעצוימט אין פערז און גראַמען.
יע, די ליעבע לאָזט זיך צוימען,
ווען ס'פערגעהען איהרע פלאַמען.

נאָר מיין לעבען, אַך, מיין לעבען,
קען איך אין קיין ריטם צוימען —
קען מען דען א טייך בעגרענצען,
ווען די ווילדע כוואַליעס שוימען ?

מ. ווינטשעווסקי

נאָך קלאָוקמאַכער פּראָבלעמען

לאָמיר אונטערזיעהען דעם סך הכל פון דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין דעם פריהערדיגען אַרטיקעל.

מיר האָבען געוויעזען, אַז די אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט אין דעם קלאָוקמאַכער־טרייד איז אַזוי שווער —

ווייל די אידישע פּסיכאָלאָגיע, אַלס רעזולטאַט פון אונזער גאַנצער געשיכטליכער ענטוויקלונג, מאַכט, אַז סיי דער ארבייטער סיי דער פאַבריקאַנט זאָל ניט האָבען קיין צובונד צום פאַך און צו דער אינדוסטריע;

ווייל צוליעב די שבת־און־זונטאַג־ארבייט איז ביי אונז דאָ מעהר ווי איין קאָנפליקט פון אינטערעסען;

ווייל וואָס א יאָהר מעהר, קומען אַריין אין טרייד אַלץ מעהר און מעהר ניט־אידישע ארבייטער, ארבייטער, וועלכע לאָזען זיך לייכטער עקספּלאָאַטירען, דאָס הייסט שוין ממילא: שווערער אָרגאַניזירען;

ווייל חוץ דיעזע זיינען דאָ אין טרייד מיידלעך און פרויען, אויף וועלכע עס געהט דער זעלביגער פּסוק מכח שוועריגקייטען אין אָרגאַניזירען.

ווייל די איינוואַנדערונג פון הונגעריגע און גרינע ארבייטער, סיי אידישע, סיי אַנדערע, מאַכט דעם טרייד־יוניאָניזמוס ספּעציעל אין דער נאָדעל־אינדוסטריע זעהר שווער;

ווייל דער קאָנטראַקטאָר (אָדער סוב־מאַנופעקטשורער ווי מען רופט איהם היינט) מאַכט מעגליך, אַז אפילו יוניאָן שעפּער זאָלען קענען ביליגערע ארבייט לאָזען מאַכען דרויסען, דאָס הייסט צאָהלענדיג ביליגערע פּרייזען פאַר ארבייט ווי ביי זיך אינעווייניג;

ווייל די „סטיילס" וואָס בייטען זיך כסדר סיי אין דער וואַרע, סיי אין דעם פאַסאָן, מאַכען כמעט אונמעגליך די פעסטשטעלונג פון א שטענדיגען פּרייז פאַר שטיק־ארבייט און אינדירעקט אויף פאַר וואָך־ארבייט;

און, שליסליך, ווייל צו אַלע צרות איז דאָ א דזשאַבער, וואָס האָט ניט קיין שאַפּ און קען לאָזען מאַכען זיינע ארבייט וואו ער וויל, און איהם קען מען שוין גאָרניט קאָנטראָלירען.

דאָס זיינען די קלאָוקמאַכער־פּראָבלעמען, אַרום וועלכע מיר האָבען גערעדט ביז איצט, אָבער מיר האָבען נאָך דעם גרונד ניט דערגרייכט.

עס זיינען דאָ נאָך און פון זיי וועלען מיר אַרויסכאַפּען עטליכע.

* * *

א קללה וואָס געפינט זיך ניט אין דער תוכחה איז, למשל, דער קליינער פאַבריקאַנט און ניט דוקא ווען ער איז א קאָנטראַקטאָר.

פערגלייכט, אַ שטייגער, די שפּינערייען מיט די שעפּער וואו מען מאַכט פרויען קליידער מכל המינים, חוץ קאָסטאָם־טיילאָרס, וועט איהר געפינען, אַז אין שפּינערייען ארבייטען 110,000 ארבייטער ביי 800 באָסעס, וואָס דאָס גיט אייך אַ דורכשניט פון 137 אויף א פאַבריק בעת ביי אונז זיינען בעשעפטיגט 80,000 ביי 3000 באָסעס, א דורכשניט פון 27 ארבייטער פער שאַפּ.

איך האָב אַרויסגענומען די קאָסטאָם־טיילאָרס, ווייל ווי פיעל זיי זיינען אין צאָהל וויים מסתמא דער דירעקטאָרי אַליין ניט אויף זיכער.

אָבער אפילו זיי אויסלאָזענדיג, זעהען מיר, אַז אין דורכשניט איז דאָ איין באָס אויף 27 ארבייטער. ווען אָבער מיר ווייסען וואָס פאַר אונגעהייערע מאַסען זיינען בעשעפטיגט ביי אַזעלכע בעלי בתים ווי, כאַפּט אייך אָן, סאַדאָווסקי, בעללער און סילווערמאַנ'ס פירמאַ, קענען מיר זיך אָנשטויסען, אַז ווען מען וואָלט די גרויסע אַרויסגענומען פון דעם סך־הכל פון 3000, וואָלט דער דורכשניט געוועזן פיעל, פיעל קלענער ווי 27. ווער וויים, אפשר איז ערגיץ אין דער געגענד פון דיוויזשאָן סטריט פאַראַנען אַזא שאַפּ, וואו דריי בעלי בתים עקספּלאָאַטירען איין ארבייטער מיט אַ חדר־אינגעל פאַר אַן אויסהעלפער.

היינט פּרובט אַזעלכע „פאַבריקען" מ'ייטיינס געזאָגט, אָרגאַניזירען! וויפיעל אָרגאַניזערס דאַרף אַ יוניאָן האָבען, כדי אויף זיי אפילו נור משגיח צו זיין פון דערווייטענס. חוץ וואו די ארבייטער אַליין ווילען זיין אָרגאַניזירט, לוינט עס כמעט גאָרניט זיי אַרונטערצו־

נעהמען אין סטרייק, און נעהמט מען זיי אַרונטער, האַלט דער אַגרימענט פון אסתר־תענית ביז שושן פּורים, מחמת די ארבייטער זיינען געוועהנליך ביי אַזעלכע באָסעם וואָס וועלען אַרבייטען פאַר אַ שפּאָט פּרייז און געבען נאָך וועניגער. אַזעלכע ארבייטער האָבען מורא פאַר דער יוניאָן מעהר ווי די באָסעם אַליין, ווייל אין זייערע אויגען איז גלייכער צו האָבען קרענק און דערביי אַ סטעדי דזשאַב, עהדער צו „דראַפּען זיך אויף גלייכע ווענט“... — און „וואָס טויגען מיר די גליקען ? !“ — נעהמען יוניאן ווייזשעס עטליכע חדשים אין יאהר?..

אַז, זיך יאַגענדיג נאַכ'ן סטעדי דזשאַב, קריעכט מען אריין אין אַ זומפּ פון ארבייט פאַר'ן טייוועל, מיט פערדיענסטען וואָס זיינען אַ וועהטאָג פאַר זיך און אַ מכה בצדו פאַר'ן גוטען יוניאָן־מאַן — דאָס פערגעסט מען.

* * *

אָבער וואָס מען זאָל ניט דענקען פון דעם „סטעדי־דזשאַבער“ מיט זיין שכל, דער פאַקט בלייבט, פון דעסטוועגען, אַ פאַקט, אַז די לאַנגע סלעק־סיזאָנס זיינען אַ פלוך פאַר דעם אַרבייטער און אפילו — אין מאַנכע היגזיכטען — פאַר'ן באָס.

מיר האָבען פריהער גערעדט וועגען די אידיישע פּסיכאָלאָגיע בנוגע צו ארבייט, וועלכע אַז אַ שטער צו אָרגאַניזאַציע. דיעזע ספּעציעלע פּסיכאָלאָגיע האָט אַ שייכות ניט בלויז מיט אונזער גלות און אונזער גלות־ערפאַהרונגען פון צוויי טויזענד יאָהר. אויב ערגיץ וואו לאָזען זיך זיטען, געפיהלען און זאָגאַר געדאַנקען ערקלערען דורך די ארט און ווייזע ווי מענשען מאַכען אַ לעבען — ווי מען האָט אונז געלערענט — איז דאָס זיכער דער פאַל אין נאָדעל־אינדוסטריע בכלל און ביי די קלאָוקמאַכער בפרט.

די שרעקליכע סלעק־סיזאָנס יעדען יאָהר ברענגען אריין אין דעם לעבען פון'ם קלאָוקמאַכער אַן עלעמענט פון צושטערטקייט, פון אונגעוויסהייט.

מען קען זאָגען, אַז זיין גאַנצע צוקונפט איז ניט מעהר ווי דער נעקסטער סיזאָן. ער לעבט ניט, ווי למשל, אַ שוסטער אין אַ בראָקטאָנער פעקטאָרי, אויף אַזאַ מין אופן ווי עס פאָדערט זיך פאַר זיין היינט און ווי עס דיקטירט איהם זיין אויסזיכט אויף קומענדיגע צייטען. ער לעבט פון האַנד צום מויל, פון איין סיזאָן אויף אַ צווייטען, זעלטען ווען אויף אַ דריטען און ווער רעדט וועגען איבער צוויי, דריי, אָדער פינף יאהר ארום.

דער קלאָוק־מאַכער איז אַ מענש וואָס האָט ניט קיין עולם הבא ניט פאַר'ן טויט, ניט נאָכדעם. ער איז אַ סיזאָן מענש, מיט אַ סיזאָן־פּסיכאָלאָגיע, ניט אַן ארבייטער מיט אַן אַרבייטער־פּסיכאָלאָגיע.

אָרגאַניזירען, איינפונדעווען אַ יוניאָן, מאַכען פּראָנדקעס אויף להבא — צו וואָס ? ווער ווייס וואָס צווישען איין סיזאָן און דעם צווייטען קען ווערען ! אָבגעשפּאָרט האָט מען ניט. ביין סיזאָן מענש איז אַזוי : האָט ער געמאַכט גוטע געלד, האָט ער געלעבט און פערלעבט די „פּאָר סענט“ ; האָט ער ווידער פערדיענט קאַם־קאַם צום לעבען, איז ניט געווען וואָס צו שפּאָרען. צו אַזוי אָדער אַזוי זעקס וואָכען סלעק איז אַ פּאַסקודנע זאַך, זוכט מען עפּעס אַ אַנדער עסק און גיט זיך איין, געהט מען ארויס פון טרייד.

דאָס איז גערעדט וועגען דעם אַרבייטער מיט מוח און קאָפּ און מיט געשיקטקייט אין די פינגער.

דער וועניגער פעהיגער, געוועהנליך פון דעם קלאַס פון „סטעדי דזשאַבערס“, איז אָפט אין שאַפּ כסדר, אַזוי לאַנג ווי עס חלומט זיך עפּעס ארבייט און עס איז ווארעם ; און אַזוי ווי תהלים־זאָגען איז ניט מעשה קלאָוקמאַכער, נעהמט מען ארויס קליין־שס און מען מאַכט אַ פינאָקעל פון צוויי ביז פינף סענט אַ הונדערט : אין'ם אויקשען־ביזנעס האָט מען געניטקייט נאָך פון דער היים כאָטש טאַקע פון שבת'דיגע עליות. גאָר ניט זעלטען פּאַסירט, אַז מען שפּיעלט מיט'ן בעל־הבית אַליין, און אויב מען וויל צום נעקסטען סיזאָן זיין צווישען די עשרה ראשונים ביין „באַנדעל“, דאַרף מען ניט זיין קיין האַבון און ניט צופיעל געווינען. מיר רעדען דאָ, פערשטעהט זיך, פון קליינע שעפּער.

בינו לבינו ארבייט זיך אויס אַ פּסיכאָלאָגיע פון אַ ניט נארמאלען מענשען, וואָס טויג צו אָרגאַניזאַציע נאָך וועניגער ווי אַנאַנדער אידישער ארבייטער.

* * *

אָבער דאָס איז ניט אַלעס.

דורך די לאַנגע סלעק ־ פּעריאָדען געהען מענשען כסדר ארויס פון טרייד. וועגען דעם איז שוין אָנגעמערקט געוואָרען, אָבער דאָ בעט זיך אַן אויספיהרליכערע בעטראַכטונג.

אין די ביכער פון די קלאָוקמאַכער־יוניאָנס — און זיי האָבען היינט ביכער, וואָס לגבי זיי האָבען זיך די דיקע לעדזשערס פון מאַנכע סוחרים ניט וואָס איבערצונעהמען — קענט איהר זעהען, ווי עס קומען שטענדיג צו טויזענדער מעמבערס אַלע יאהר. אַזוי ווי די צאָהל בלייבט אבער אימער די זעלביגע, איז דאָך קלאָר, אַז לגבי די טויזענדער וואָס זיינען אריינגעקומען, זיינען טויזענדער ארויסגעגאַנגען.

ווער האָט זיי ארויסגעטריבען? אַ טהייל פון זיי די אויסזיכט אויף גרעסערע פּערדיענסטען ממקום אחר, אַנאַנדער טהייל די ווייזשעס וואָס קלעקען ניט צו לעבען ווי אַ מענש ; דאָס גרעסטע טהייל אָבער האָט פּערטריבען די סיזאָן־אַרבייט. איך לאָז דאָ בכיון אויס אַנאַנדער גרונד — די שטעלונג פון למשל אַ

שאַפּ טשערמאַן, אָדער א פּרייז - קאָמיטעמאַן — ווייל ארום דעם וועט מיר באַלד אויסקומען צו רעדען באריכות.

וואָס איך בין דאָ אויסען איז אָט וואָס:

דורך דעם, וואָס מענשען געהען כסדר ארויס פון טרייד אין די סלעק־סיזאָנס, קען זיך שווערער אויסאַרבייטען א שטענדיגער עלע־מענט פון פעהיגע מענשען פאר די הונדער־טער ניט בעצאָהלטע און די צעהנדליגע בע־צאָהלטע בעאַמטע, אין וועלכע די יוניאָן נויטיגט זיך. לאָמיר דאָ בעמערקען, אז אין דעם פאַל פון די וואָס פערלאָזען די יוניאָן, ווי אין דעם פאַל פון עמיגראַנטען, וואָס פערלאָזען רוסלאַנד, למשל, צו געהן קיין אַמעריקא, זיינען עס געוועהנליך מענשען מיט מעהר אונטער־נעהמונגס גייסט, מיט גרעסערע בילדונג, מיט מעהר פעהיגקייט, וואָס פערלאָזען דעם טרייד, כדי צו פערבעסערען זייער לאַגע. איך זאָג „גע־וועהנליך": כדרך הטבע געהען ארויס קאַליקעס אויך, טאַקע דערפאַר ווייל זיי זיינען קאַליקעס, נעבעך, אבער זיי אינטערעסירען אונז דאָ ניט.

דער פּועל יוצא אָבער דערפון, וואָס די פעהיגערע עמיגרירען, איז דיזער: עס פעה־לען קרעפטען פאר אקטיווע ארבייט.

אָט איז א ביישפּיעל: מען דאַרף ביז־נעס איידזשענטס, אדער קלויקס (פאר אסאָ־סיאיישאָן - שעפּער) און מען איז בערייט צו צאָהלען וואָס מען רופט אנשטענדיגע וויידזשעס. וויפיעל דאַרף מען אין גאַנצען? א מאַן 35 ביז 40. אין דער יוניאָן זיינען דאָ — אין אַלע לאָקאַלס — מענער אליין ניט וועניגער ווי טויזענד מאָל אזוי פיעל. וואָלט איהר דאָך געקלערט אז עס איז לייכט זיי צו בעקומען? א טעות! און דערביי איז דער עקזאַמען ניט אזוי שווער ווי מען קען מיינען. און קלאָוקמאַכערס בדרך כלל זיינען אן אינטע־ליגענטער עולם, און צווישען זיי זיינען די מעהרהייט אויסגעגרינטע מעניטשען, וואָס רעדען ענגליש אפשר ניט אזוי גוט ווי פּרעזידענט ווילסאָן (א געוועזענער קאָלעדזש פּראָפעסאָר!) אָבער, גלויבט מיר, ניט ערגער ווי זייערע באָסעס אין ניין פעלע פון צעהן.

אלא וואָס? איז דער תירוץ, די פעהיגסטע בלייבען ניט לאַנג אין טרייד. נור א גאַנץ קליינער טהייל איז פאַראַן אין אונ־זערע יוניאָנס, וואָס זיי לוינט פשוט ניט צו ווערען בעצאָהלטע בעאַמטע, מחמת זיי פער־דיענען פיעל מעהר אין שאַפּ.

און איצט קומען מיר צו א נאָך וויכטי־גערן שטער אין דער אָרגאַניזירונג פון קלאָוק־מאַכערס.

בדעה האָב איך געהאַט, שרייבענדיג דעם פריהערדיגען ארטיקעל, איבערצולאָזען דיזען פּראָבלעם ביז איך וועל קומען צו בעטראַכטען דעם פּראָטאָקאָל. מיין גרונד דערפאַר איז געווען אן איינפאַכער: דיזע ספּעציעלע צרה איז אויסגעוואַקסען און האָט אָנגענומען נאָך גרע־סערע פּראָפּאָרציעס זינט דער פּראָטאָקאָל איז אין קראַפט. מיר דוכט זיך אָבער אז עס וועט פּראַקטישער זיין וועגען דעם דאָ גלייך צו רע־דען, מחמת אין דעם צוזאַמענהאַנג מיט די אנדערע פּראָבלעמען וועט דיזע בעסער פער־שטאַנען ווערן. טאָמער דוכט זיך וועמען, אז איך כאַפּ די פיש פאר'ן נעץ זאָל ער ניט נעה־מען פאר אומגוט.

* * *

רעדענדיג וועגען די שאַפּ־טשערלייט אין מיין ערשטען ארטיקעל („דער קאַמפּף ביי די קלאָוקמאַכער", צוקונפט יאַנואר 1914) האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם אידע־אַליזמוס, וואָס געפינט זיך אין די רייהען פון די ארגאַניזירטע ארבייטער אפילו דאָ אין דאָ־לאַר־לאַנד.

אָבער די שאַפּ - טשערלייט זיינען ניט די איינציגע, וואָס זיינען אימער בערייט צו ברענ־גען אָפּפער פאר די יוניאָן.

נעהמט, למשל, די מעמבערס פון עקזע־קוטיוועס אין די פערשידענע אָרגאַניזאַציעס. און דאָ רעד איך שוין גאָר ניט וועגען אזא פאַל ווי, כאַפּט אייך אָן, ביי די ליידיעס ווייסט און דרעסמייקערס, וואו אין די עקזעקוטיוועס זי־צען, צווישען אנדערע, מיידלעך, עדעלע בעלי־בתישע קינדער, ווי מען וואָלט זיי רופען אין דערהיים, און זיצען אָב ביז שפּעט אין דער נאַכט, געהענדיג אויף מאָרגען פריה צו דער ארבייט, ניט אויסגעשלאָפענערהייט, מיט א האַסטיג אראָבגעשלונגענעם פריהשטיק; געהען צו דער ארבייט, אָפּט מיט פּראַנטוואָרטליכע יוניאָן־ביזנעס אין שאַפּ גופא, ארום וועלכע עס וועט באַלד דאָ גערעדט ווערן, קומען פון דער ארבייט און געהען צו שאַפּ מיטינגס, זיינען חוץ דעם אין אלערליי קאָמיטעס און קריגען דערפאַר אפילו ניט קיין דאַנק, קיין אנערקענונג, אויסער אין אזעלכע פעלע, וואו זייערע מיטארבייטער אין שאַפּ ווייזען ארויס צו זיי ליעבע און אכ־טונג דורך א מתנה אמאָל אין א יובל.

איך רעד ניט וועגען זיי, איך רעד וועגען „עקזעקוטיוו מעמבערס" בכלל. ווער קען אזעלכע בעצאָהלען? און די מענשען וואָס איך האָב איצט אין זינען, זיינען אפילו זיי ניט. אייך און מיר אינטערעסירט איצט אַנאַנדער קלאַס מעניטשען.

דאָס זיינען די פּרייז־קאָמיטעלייט.

אין די צוויי טויזענד שעפּער אין ניו יאָרק דאַרף מען פאר אַלע שטיק־ארבייט פינפער־קאָמיטעס פעסטצושטעלען פּרייזען פאר ארבייט. אזוי ווי די סטיילס בייטען זיך און דער כאַראַק־טער פון דער ארבייט בייט זיך, און דאָס שטענ־דיג, כסדר, מעשים בכל יום, ווייס ניט דער אר־בייטער וויפיעל צו פערלאַנגען, און דער באָס ווייס ניט וויפיעל צו געבען. מען דאַרף זיך

דינגען. ווי דינגט מען זיך ? דער באָס קלערט אז מען דאַרף געבען אַ דאָלאַר, באָט ער אָן אַ העלפט. דער ארבייטער קלערט, מען דאַרף קריגען אַ דאָלאַר מיט עפּעס, בעט ער אויס אָנדערהאַלבען דאָלאַר. אַמאָל קומט מען צונויף אויף דעם פּרייז, וואָס ביידע צדדים האָבען פון אָנהויב אָן געהאַלטען פאַר אַ מקח השוה, אַמאָל נאַרט זיך אָב דער ארבייטער, זעלטענער דער באָס.

געדענקט, קיין „סטענדערד“ איז ניטאָ. וויפיעל דער ארבייטער זאָל ניט אויסדינגען האָט ער מורא, מען האָט איהם גענאַרט ; וויפיעל דער פאַבריקאַנט זאָל ניט אָבדינגען איז ער זיכער אז ער צאָהלט איבער.

וואָלט מען אפשר געקענט פרעגען ביי שכנים. איז דאָס כמעט אונמעגליך ביי ביידע צדדים. די ארבייטער קענען ניט וויסען וואו אזעלכע, גראָד אזעלכע, פונקט אזעלכע — דאָס טייטשט מען דאָ אויס ניט אומזיסט — ארבייט ווערט געמאַכט. די בעלי־בתים ווידער האָבען מורא פאַר די קאָנקורענץ.

טאַפּען אלע אין דער פינסטער.

אונטער אזעלכע אומשטענדען דאַרף מען אויסקלייבען א פרייז־קאָמיטע. ווערט א אידישע מהומע :

„יעמוד ר׳ חיים ב״ר משה—מכבד מיט׳ן ערשטען שאָס !“

זאָגט ר׳ חיים :

„מוחל, מוחל ! לאָז ר׳ צמח שיסען !“

וויל ר׳ צמח אויך ניט, א קאָמיטע אָבער מוז מען האָבען, אניט ווערט פון אלץ אַ תל. מיט גוטען, מיט בייזען, אַביסעלע פריהער, אַ האָרעלע שפּעטער, אַ קאָמיטע ווערט ענדליך אויסגעקליבען און די ארבייט פון די קרעמערקעס פון ווילנער גלעזער־גאַס הויבט זיך אָן.

און דאָ הויבען זיך אויך אָן די צרות פון די פרייז ־ קאָמיטע ־ לייט, דערהויפּט פון זייער פיהרער, זייער שליח ציבור, מיין איך.

בעט ער אויס צופיעל, שרייט דער באָס : „סטייטש גזלן — אַ רוח אין דיין טאַטענ׳ס טאַטען אריין ! — דו שטעלסט דאָך מיך בדלות !“ בעט ער אויס צו ווייניג, שרייען די אַרבייטער : „פעררעטהער ! פערקויפטע נשמה !“ און אויב זיי שרייען ניט, טראַכטען זיי דאָס.

וואָס פּאַסירט ? אָט וואָס :

געהט דורך דער העכערער פרייז און זיינען די ארבייטער צופריעדען, איז דער פרייז־קאָמיטע־מאַן שוין זיכער, אז עס וועט זיך דאָ אָנפאַנגען געגען איהם אַ גאַנצע ריהע פון שיקאַנען, פון קליינע אונטערדריקונגען ; ווייס ער, אז וועט זוכען פגימות אין זיין ארבייט, אז דער עקזאמינער וועט דאָס און יענס פערבראַקירען ; ווייס ער, אז מען וועט איהם פערטהיילען ביים אויסטיילען אַרבייט, אז מען וועט זיך צו איהם אויף שריט און טריט צעפּענען, אז מען וועט איהם, בקיצור, דערגעהען די יאהרען.

געהט ווידער דורך דער ניעדריגער פרייז, אָדער א פרייז וואָס ווייזט זיך שפּעטער ארויס פאַר ניעדריגער ווי מען האָט געמיינט, לויט נאָך די צייט נאָך וואָס ער פערנעהמט, דאַן האָט זיך דער פרייז־קאָמיטע־מאַן אָנגעמאַכט שונאים צווישען די ארבייטער.

צו בעשרייבען די ראָלע פון דעם בעל־דבר, וואָס אויף איהם ווערט געמאַכט דער „טעסט“ : די פּראָבע בנוגע צו די צייט, וואָס די שטיקעל ארבייט דאַרף פערנעהמען, כדי אויסצורעכנען, וואָס א שטייגער, מען דאַרף פאַר אזא גאַרמענט צאָהלען און נעהמען, — דאָס צו בעשרייבען בעט זיך אָן אברהם רייזען, וואָס איז אַ קלאָוקמאַכער פון דער היים. דאָס איז ניט פאַר מיין פען געדאַכט, און אגב וואָלט דאָס מיך פיהרען צו ווייט.

פאַר מיינע אויגען האָב איך דעם בילד, אזוי ווייט ווי א זייטיגער מענש קען איהם האָבען. און איך זעה אויך קלאָר, הגם פון דרויסען, אזא מין זאַך—אין א גרעסערען שאַפּ—ווי למשל, אָט וואָס.

בעת דער דינגען זיך געהט אן, בורבלען אונטערן נאָז און צווישען זיך, לאָמיר זאָגען, צוויי מענשען פון איין זייט און צוויי מענשען פון דער אנדערער.

די ערשטע צוויי זיינען „טאַטעס פון קינדער“, וואָס דאַרפען צאָהלען רענט און וואָס נעהמען בטבע „מיט גוטען“, נעהמען וואָס גאָט בעשעהרט און וואָס דער באָס גיט — קאַריקרעדענדיג, וואָס איז ער ניט קיין מענש ? ער דאַרף אויך לעבען... און דאַרף טאַקע לעבען מעשה באָס... וואָס איז דאָ צו רעדען ? היינט די ריזיקא, די „אָווערהעד עקספּענסעס“... און א מאַלא וואָס ! עפּעס א קלייניגקייט אזא ביזנעס ! — בקיצור, מען דאַרף זעהן דורכצוקומען און לאָזען די באָנדעלם בלייבען אין שאַפּ.

לגבי זיי זיינען די אנדערע צוויי אונקאָמפּראָמיסליכע רעוואָלוציאָנערען... וואָס דאַרף מען נעהמען ? אַלץ, גאר און פּארטיג ! איי ער קען דאָס ניט בעשטעהען ? איז ער דאָך דאַרויף אַ באָס, אז ער זאָל געהען צו אַלע שוואַרץ ־ יאָהר... היינטיגע צייטען וואַרט מען ניט אויף אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, ווי עס פלעגען טאָן די נאַרישע רעוואָלוציאָנערען פון אַמאָל... היינט איז דאָ אזא זאַך ווי סאַבאָטאַזש און אזעלכע מענשען ווי סינדיקאַליסטען... היינט רעדט מען אַנדערע דיבורים.

די ביידע צדדים האָבען זיך זייערע סימפּאַטייזער אין שאַפּ און — וואָס פערשטעהט איהר ניט ?—אזש אָך און אזש וועה צו איהם, וואָס זיין פינסטערער מזל האָט איהם געמאַכט פאַר א פרייז־קאָמיטע־מאַן.

געווים איז דאָס אין פיעלע שעפּער אפשר ניט אזוי שלעכט ווי איך האָב דאָס געמאָלט.

מיר האָט זיך נאָר געוואָלט געבען א בעגריעף, ערשטענס, פון דעם אידעאַליזם, וואָס מיר האָבען נאָך אין אמעריקאַ, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט פון דעם שווערען פּראָבלעם, אויף וועלכען דער פּראַקטאָקאָל, אָדער אַניט טאַקע די סאָציאַלע רעוואָלוציע קען געבען אַן ענטפער.

* * *

א פּראָבלעם, וואָס דער פּראָטאָקאָל האָט כמעט ווי אָבגעשאַפט, איז דער אינעווענינ־סטער סוב־קאָנטראַקטאָר: דער וואס ארבייט מיט ארויסהעלפער אונטער איהם.

אפשר וועט מיר אויסקומען וועגען דעם צו רעדען אין מיין נעכסטען ארטיקעל (דעם לעצטען, האָף איך, פון דער איצטיגער סעריע) ווען איך וועל קומען צום פּראָטאָקאָל. דאָ וועל איך דעם ענין בעריהרען נור אויף אַזוי ווייט, ווי דאס איז נויטיג, כדי ארויסצוברענגען נאָך איינע פון די פיעלע שוועריגקייטען ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די קלאָוקמאַכערס.

א סוב־קאָנטראַטאָר אין א שאַפּ איז א מין באָס אונטער א באָס, א מלוכה אין א מלוכה. אויפ'ן ערשטען בליק וואָלט זיך אויס־דוכטען, אז אזא מין מענש דאַרף זיין פון די ערגסטע ארבייטער, א קליינער עקספּלואַטאַ־טאָר, אַ שטייגער, וואָס לאָזט זיך עקספּלואַ־טירען כדי צו קענען עקספּלואַטירען אַנדערע, איינער, הייסט עס, וואָס קריעגט אינדירעקט ביליגע שקלאַפען פאר'ן בעל הבית, וואָס יע־דער אייגציגער פון זיי איז אן עבד לעבדים.

אין אמת'ן איז דאָס ניט אזוי. ביי מיר לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז ווען מען זאָל טיע־פער ארייגבליקען אין די געשיכטע פון יעדען סוב־קאָנטראַקטאָר, וועט מען געפינען, אז לכתחילה איז ער געווען, אויב ניט קיין בע־סערער מענש ווי דער דורכשניטליכער ארביי־טער, לכל הפחות ניט קיין ערגערער.

זיין אָנהויב איז מעהרסטענס פערבונדען מיט דעם אימיגראַציאָנס־פּראָבלעם, וועלכען מיר האָבען שוין בעטראכט.

עס קומען אריבער „גרינע“ : בעקאַנטע, פריינד, קרובים, אָדער חברים פון אַמאָליגע צייי־טען אין דער אלטער היים. זיי קענען אין קיין שאַפּ ניט ארבייטען, מחמת פון דערהיים זיינען זיי ענטוועדער אינטעליגענטען (מאַכט רשי אין אַמעריקאַ : בטלנים) אָדער אַניט זיינען זיי מענשען וואָס האָבען שוין אין דער ליטא, אין פּוילען, אין זאמוט טאַקע אויך געארבייט, אבער זיי פערשטעהען זיך ניט אויף היגע מעטאָדען.

וואס טהוט מען מיט זיי? געפינט זיך א גוטער מענש און נעהמט זיי אונטער זיין שוץ, נעהמט פאר זיי די פאראַנטוואָרטליכקייט לגבי דעם באָס און בעשעפטיגט זיי אלס אויסהעלפער, אַלס לעהרלינגע.

עס איז אָבער ניט נויטיג צו האָבען קיין צו גרויסע איינבילדונגס־קראַפט, כדי צו פער־שטעהען ווי אזוי אזא פילאַנטראָפּישע, מענ־שענליעבענדע אונטערנעהמונג קען ווערען אַן עלפטע מכה און קען בעשאַפען א „סוועטשאַפּ“ אין א שאַפּ ; קען אויסבילדען א קלאַס מענ־שען וואָס זאָל ביסלעכווייז ווערען א שטער צום וואַקסען און גדייען פון א נאָרמאַלער אַר־בייטער־פעראייניגונג.

* * *

דאָ שטעל איך זיך אָב. דער פונדאמענט איז געלעגט פאר אן ארטיקעל וועגען דעם פּראָ־טאָקאָל. מען וועט מיר אָבער ערלויבען א פּאָאָר ווערטער צו ענטפערען מעהר א מינדליכע קריטיק, וואָס איך האָב געהערט פון גענאָסען בנוגע צו דעם אויסוואַנדערונג־ פּראָבלעם אין דעם פאָריגען ארטיקעל.

צו איך האָב שלעכט געשריבען, אָדער מיין קריטיקער—אַ פריינדליכער, ניט פון דעם סאָרט, וואָס קען זיך בלויז שטעכען, אייך בעריהרענ־דיג, ווייל זיין פעל איז ווי ביי'ן יאזשיק בטבע פול מיט נאָדלען, וועלכע ער האַלט אפילו ניט ריין, בקיצור — אָדער מיין קריטיקער, זאָג איך, האָט שלעכט געלייענט, אָבער איך האָב ניט גע־מיינט דאָס, וואָס ער און אפשר אויך אַנדערע האָבען ביי מיר ארויסגענומען.

אז דער שטענדיגער אריינקומען פון אי־מיגראַנטען איז א גרויסער שטער פאר די יו־ניאָן איז קיין שום ספק ניט. דר. הורוויטש, וועלכער בעווייזט אין זיין בוך, אַז בדרך כלל איז איינוואַנדערונג א גוטע זאַך פאַר אלע צדדים, וועט אייך ניט זאָגען, אז עס איז ניטאָ אזא זאַך ווי א גרינער וואָס איז מוכן ומזומן צו ארבייטען בחצי חנם אבי נור פערדיענען אויף א שטיקעל ברויט. דער פאַקט בלייבט א פאַקט.

וואס מיר זאָגען איז, אַז דוקא ווייל דאָס איז אַ פאַקט און דוקא ווייל דער פאַקט שטערט שטאַרק אין דער ארבייט, האָבען מיר די התחייבות די גרינע אזוי גיך ווי מעגליך צו אָר־גאַניזירען.

און ווי מיר זאָגען ניט אז צוליעב דעם רעליגיאָנס־פּראָבלעם דאַרף מען שמד'ען פרומע אידען ; אדער אז צוליעב דעם ראסען־פּראָב־לעם דאַרף מען ניט ארייגלאָזען איטאַליענער אין אידישע שעפּער ; אָדער אז צוליעב דער קאָנקורענץ פון די פרויען און מיידלעך, וואָס כמעט יעדע פון זיי ווערט געבאָרען מיט א נאָ־דעל אין דער האַנד, דאַרף מען זיי חלילה אויס־קוילענען, אזוי זאָגען מיר אויך ניט, אז מען דאַרף שוין מעהר ניט ארייגלאָזען קיין אידישע ארבייטער ווייל זיי זיינען אַ שטער צו ביזנעס, צו אונזער ביזנעס.

אונזער תרופה איז : ארגאַניזאַציע און אלין מעהר ארגאַניזאַציע, וואָס שווערער די ארבייט און וואָס גרעסער די שטערונגען זיינען.

ב. שאַפּיר

ביים ים

פריה. פאַרשלאָפען איז דער הימעל
און די לופט איז פייכט און פריש.
ס'האָט ערוואכט דער ים פון דרימעל,
שמעקט פון איהם מיט זאַלץ און פיש.

קומט די זון מיט גאָלדנע ריטער
און פערטרייבט פון ים די נאַכט,
גיט ער זיך אַ קנייטש, אַ ציטער,
און ער שפּיעלט זיך שוין און לאַכט . . .

און ווי רייך ער איז געוואָרען —
רייך מיט זילבער, ווי אַ פּרינץ.
אַך, דאָס האָט די זון פערלאָרען
אויפ'ן ים איהר זילבער־מינץ . . .

הויבט אַ ווינד נאָר אָן צו בלאָזען —
בלאָזט זיך אָן דער ים — אַ שרעק.
ווי מיליאָנען גרויע האזען,
לויפען כוואַליעס פלינק צום ברעג.

מיטען טאָג. די שאַטענס שלאָפען,
פון דער היץ ווי אבגעשוואכט.
און דער ווינד איז אויך אנטלאָפען
זוכען וואו די קיהלע נאַכט . . .

נאַקעט, ווייס, מיט שוואַרצע לאָקען,
שטעהט אַ מיידעל אויפ'ן ברעג,
ס'וואסער פּרובט זי. קאַלט! — דערשראָקען
כאַפּט זי ס'פיסעל גיך אַוועק . . .

העי, איהר כוואליעס, ווייסע בערען,
גנבה'ש קושט איהר זיך איהר פוס,
נעהמט מיך, כ'וויל אַ כוואַליע ווערען!
טרעט מיר אָב כאָטש נאָר איין קוש! . . .

כ'שפּרינג אין ים. אַ כוואַליע טראָגט מיך,
שליידערט מיך צוריק ארויס.
לויפט אַ צווייטע אָן און שלאָגט מיך,
און דאָס מיידעל לאַכט מיך אויס . . .

קום, דו ים, מיט מיר זיך שלאָגען,
ס'האַרץ מיינס שטורעמט מיט פערדרוס,
ווער ס'עט זיעגען, דער וועט מעגען
קושען דאָ דעם מיידעלס פוס! . . .

ס'איז פערנאַכט. דער ים — אַ שפּיעגעל
ווייט אונענדליך אויסגעשפּרייט.
שיפלעך פיעל מיט ווייסע פליעגעל
זיינען איבער איהם צעזייהט.

גאָלד דער ים און גאָלד דער הימעל,
און די זון פערגעהט און לאַכט,
און א גרויער, גרינער שימעל
דעקט דעם ים — דאָס איז די נאַכט . . .

נאַכט, די זון איז שוין פערגאַנגען,
פייער ברענט שוין אומעדום,
שטיל געזאנג, געלעכטער־קלאַנגען
טראָגען זיך אין לופט אַרום.

ס'שלאָפט דער ים גלאַט אויסגעצויגען.
די לבנה שטאָלץ שפּאַצירט,
און מיט שטערען, ווי מיט אויגען,
איז דער הימעל אויסגעצירט . . .

הימלען צוויי מיט שטערען־אויגען
האָבען זיך אויף זיך פערטראַכט.
צווישען זיי בין איך געפלויגען
מיט מיין ליעבסטער אין דער נאַכט . . .

פ. ליבמאַן

די אַרבייטער און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ

(צום געגענווערטיגען מצב פון דער אידישער אַרבייטער־בעוועגונג אין רוסלאַנד)

די אַרבייטער־בעוועגונג אין רוסלאַנד, און גאַנץ בעזונדער די בעפרייאונגס־בעוועגונג פון די א י ד י ש ע אַרבייטער, איז מיט טויזענדער פעדים פערבונדען געווען מיט דער אינטעליגענץ, ספּעציעל מיט דער שטודירענדער יוגענד. ניט דא איז דער אָרט צו בעשרייבען די סבות פון דעם אָדער אפילו גענויער צו שילדערן די ערשיינונג גופא. איבריגענס, פאַר וועמען פון אונז, וואָס שרייבען און לייענען אויף אידיש סאָציאַליסטישע אַרטיקלען, סאָציאַליסטישע ווערק, איז די זאַך אַ סוד?

געוויס, דאַרף מען דעם ראָמאַן צווישען דער אינטעליגענץ און דעם אַרבייטער ניט צו־פיעל אידעאַליזירען. ניט וועניג מיספערשטענדניסען, קלענערע און גרעסערע, זיינען צווישען ביידע צדדים פאָרגעקומען פאַר דער צייט פון זייער צוזאַמען־לעבען. נאָך אַזעלכע זאַכען פּאַסירען סוף כל סוף אין די איידעלסטע פאַמיליעס, און — ווי פלעגט די באָבע זאָגען? — „ווער עס לובעט זיך, דער טשובעט זיך“. און בעצם האָבען יענע פערהעלטניסמעסיג־קליינע האַמפּערייען צווישען דער אַרבייטער־מאַסע און דער אינטעליגענץ זעהר וועניג געשאַדט דעם וואוקס פון דער אַרבייטער־בעוועגונג.

אָבער איינער פון די וויכטיגסטע רעזולטאַטען פון דער רעוואָלוציע און פון דער קלאָגעדיגער קאָנסטיטוציע, וואָס הערשט כלומר'שט אין רוסלאַנד, איז, ווי בעוואוסט, געוועזן די ש י י ד ו נ ג צווישען דער אינטעליגענץ און דעם אַרבייטער־קלאַס. און דאָ קען מען גראַד ניט זאָגען: „געוועזן אָהן פריידען איז די ליעבע, אָהן צער וועט די שיידונג זיין“. ניין, די ליעבע אַמאָל איז געוועזן אַן אויפריכטיגע, אַן אויסגעפּרופטע. מען האָט געהאַט געטיילט פריידען און ליידען, קאַמפּף און נצחון, טורמע און סיביר. און די שיידונג ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז ניט לייכט געווען אַראָבצושלינגען.

געוויס, קומט אויס דעם אינטעליגענט וועניגער צו ליידען פון דער נייער לאַגע, ווארום פּאַקטיש, צוזאַמען מיט דער שיידונג, עפענען זיך פאַר איהם די טהירען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט: ער „אָרדענט“ זיך איין, ער מאַכט אַזאַ אָדער אַנאַנדער „קאַריערע“, ער ווערט אַ שטיקעל בעל־הבית. אָבער גלייכצייטיג ווערען אויך פערשוואונדען זיינע יוגענד־הלומות, דער הייליגער גייסט, וואָס ער האָט געפיהלט אין זיך, זיינע פליגלען, אויף וועלכע ער האָט זיך געטראָגען, גלויבענדיג, אַז ער איז העכער פון דער אַרומיגער פּראָזאַאישער וועלט. די שיידונג איז פאַר איהם אַ ריס אין האַרצען, אַ שיידונג מיט דער אייגענער קרוין, מיט אַ גרויסער לעבענס־אידעע, מיט דער פּאָעזיע פון לעבען, מיט דער יוגענד. פּערזענליך, אינדיווידועל, איז די שיידונג פאַר'ן אינטעליגענט די אַנערקענונג פון זיין אָהנמאַכט, זיין קאַפּיטולאַציע.

פונדעסטוועגען מוז צוגעגעבען ווערען, אַז דער דאָזיגער „ריס אין האַרצען“ דאַרף ניט פאָרגעשטעלט ווערען צו דראַמאַטיש. ערשטענס, קומט ער געוועהנליך פאָר אין אַזאַ עלטער, ווען מען איז שוין בכלל וועניגער עמפּפינדליך צו „גרויסע אידעען“, צו „פּאָעזיע פון לעבען“, צו „קרוינען“ פון הוילע רוחניות. און צווייטענס, איז דאָך זייט דער רעוואָלוציע שוין אויפגעקומען אַ נייער דור אינטעליגענטען „אשר לא ידע את יוסף“, וואָס זיינען מיט דער אַרבייטער־בעוועגונג קיינמאָל ניט געווען פערבונדען. און בעת מען רעדט וועגען דער שיידונג צווישען דער אינטעליגענץ און דער אַרבייטער־מאַסע, האָט מען טאַקי אין זינען ניט די עלטערע, וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען (אַזעלכע זאַכען פלעגען אויך פריהער פּאַסירען), נור טאַקי די יונגע, וואָס שטעהען צו דער בעוועגונג ניט צו.

לאָזט מען איינצעלנע פערזאָנען אָן אַ זייט, דאַרף מען דעריבער זאָגען, אַז די אינטעליגענץ ליידעט פערהעלטניסמעסיג זעהר וועניג פון דער שיידונג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהר און דער אַרבייטער־מאַסע.

גרויס איז אָבער דער שאַדען, וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען פאַר דער אַרבייטער־בעוועגונג, וועלכע איז געבליבען אָהן אינטעלי־

גענטע קרעפטען, און דער דאָזיגער שאדען לאָזט זיך נאָך שטארק פיהלען ביז היינטיגען טאָג. פאר יעדען איינציגען, וואָס האָט געהאט די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט דער שטימונג און דעם קאמפף פון דער ארבייטער־מאסע פאר דעם לעצטען יאָהר, איז קלאָר, אז די פראָלעטארישע ארויסטרעטונגען וואָלטען געקענט זיין אָהן אן ערך גרעסער און ערפאָלגרייכער, ווען אין דער ארבייט וואָלט אריינגעטראָגען געוואָרען מעהר איניציאטיווו און מעהר אָרגאניזאציע. דער אָנפיהרענדער און אָרגאניזירענדער עלעמענט איז אָבער ביז ניט לאנג בעשטאנען פון דער אינטעליגענץ, און אָהן איהר איז די מאסע ניט אימשטאנד געווען אין פולער מאס אויסצונוצען די אָנגעזאמעלטע ענערגיע און אפילו די געבראכטע קרבנות. איך רעד שוין ניט פון דער אויפקלעהרונגסטעטיגקייט אין ענגען זין פון וואָרט, פון דער אויפקלעהרונג דורכ'ן מינדליכען און געדרוקטען וואָרט, וועלכע האָט געקענט געפיהרט ווערען אין אן אונענדליך ברייטערער מאס, ווען דער פראָלעטארישער לאגער וואָלט ניט פערלאָזען געוואָרען דורך דער אינטעליגענץ. איך וועל דאָ דערמאהנען בלויז **איין** פאקט: אויב די „צייט“ האָט זיך געמוזט איבעררייסען אויף א משך פון פיער חדשים, אויב זי געהט נאָך ביז היינט ארויס ניט גענוג רעגעלמעסיג, ליעגט איינע פון די הויפט־סבות דערפון אין דעם, וואָס איהרע שטענדיגע אינטעליגענטע מיטארבייטער קען מען איבערצעהלען אויף די פינגער פון איין האנד; ביי אזעלכע בעדינגונגען איז גענוג, אז איין מיטארבייטער זאָל ארעסטירט ווערען, אן אנדערער זאָל זיך אוועקלעגען אין בעט אָדער א דריטער זאָל פערנומען ווערען מיט אן אנדער בעשעפטיגונג, און די צייטונג הערט אויף צו ערשיינען רעגעלמעסיג.

די שיידונג מיט דער ארבייטער־מאסע איז, פערשטעהט זיך, ניט קיין ספעציפישע ערשיינונג פאר דער **אידישער** אינטעליגענץ: דאָס איז אן **אלגעמיינע** ערשיינונג אין רוסלאנד. פונדעסטוועגען, גלויב איך, אז ביי קיין אנדער פאָלק אין רוסלענדער מלוכה לאָזט זי זיך אזוי שמערצליך ניט פיהלען דעם ארבייטער־קלאס, ווי ביי אידען. סבות דערצו זיינען פאראן פערשידענע. איך וועל דאָ אויפמערקזאם מאכען בלויז אויף עטליכע.

די אידישע אינטעליגענץ לויפט ניט נור פון דער ארבייטער־גאס, זי לויפט בכלל פון'ם תחום. דער דלות אין תחום איז אזוי גרויס, די גייסטיגע אטמאספערע אזוי שטיקענד און דאָס גאנצע לעבען אזוי קליינליך און גראָה, אז יעדער, וואָס האָט זיך דערשלאגען צו א דיפלאָם, וואָס גיט איהם „פראוואָזשיטעלסטוואָ“, שטרעבט נור צו בעזעצען זיך אויסער'ן תחום, הויפטזעכליך אין די הויפט־שטעדט. אן אויסנאהם אין דעם פרט בילדעט די שטאָדט ווארשא, וועלכע ציהט צו זיך נאָך צו אינטעליגענטע קרעפטען. אין דער ברייטער אידישער פראָווינץ, אין קלאגעדיגען תחום, לאָזט זיך פיהלען א וואקסענדער מאנגעל אין אינטעליגענץ. די מחנות אינטעליגענטען, וואָס איהר טרעפט אָבער אין פעטערבורג אָדער מאסקווא, געהען פאר דער אידישער מאסע, און דארונטער אויך פאר דער ארבייטער־מאסע, לחלוטין פערלאָרען. די אינטעליגענץ ביי אידען דערהווייטערט זיך אלזאָ פון דער ארבייטער־מאסע ניט בלויז גייסטיג, נור אויך **פיזיש**: די מאסע חשכ'ט אין פינסק און אין סמארגאָן, די אינטעליגענטען בעגעגענט איהר אויף די עלעגאנטע גאסען פון פעטערבורג.

און דעם אידישען ארבייטער פעהלט אויף אזא'ן ארט ניט בלויז א **פארטייאישע** אינטעליגענץ, וואָס זאָל נעהמען א דירעקטען אנטייל אין זיין קאמפף, נור אין א געוויסער מאס אויך די אינטעליגענץ **בכלל**, וועלכע זאָל ערפילען אן אלגעמיין־קולטורעלע און דעמאָקראטישע ארבייט, ווי פערשפרייטען בילדונג, אויספאָרשען די לעבענס־ און ארבייטס־בעדינגונגען פון דער ברייטער מאסע, שאפען דער געדריקטער בעפעלקערונג יורידישע הילף, זיך בעשעפטיגען מיט דער וואוינונגס־פראגע, מיט דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע, מיט ארבייטס־פערמיטלונגען, און ז. וו. און ז. וו. אויף עטליכע פון דיעזע געביטען ווערט עפּעס יאָ געטהאָן אין תחום, אויף אנדערע לחלוטין גאָרניט. און אפילו אין די הינזיכטען, אין וועלכע מען טהוט כלומרשט יא (ווי צ. ב. פערשפרייטען בילדונג אָדער רעגולירען די עמיגראציע), האָט דאָס „טהון“ א פנים פון א שווינדזיכטיגען: ניט מ'לעבט און ניט מ'איז געשטאָרבען.

נאטירליך, שפיעלען דערביי א וויכטיגע ראָלע די אויסערליכע מניעות, די פולע רעכטלאָזיגקייט פון דער בעפעלקערונג און די ביוראָקראטישע טיראניי. די דאָזיגע מניעות זיינען אָבער ווייט ניט אלץ, און ניט די לעצטע ראָלע שפיעלט דאָ טאקי דער פאקט, וואָס די אקטיווערע, ארבייטס־פעהיגערע און בעגאבטערע אינטעליגענטען ענטלויפען פון תחום — אהין, וואו פאר זייער טעטיגקייט עפענט זיך א ברייטערעס און מעהר־בעלוינענדעס פעלד.

און דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף א צווייטע ערשיינונג, וועלכע איז פאר דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג אין רוסלאנד נאָך פיעל פיינליכער.

אידען זיינען א „עם הספר“. איך אליין האָב שוין אייניגע מאָל אָנגעמערקט, ווי ווייט פאלש עס איז צו מיינען, אז אידען **פער־**

מ א ג ע ן דעם ספר; איך האָב געוויזען ווי שרעקליך גרויס עס איז די צאהל אנאלפאבעטען (וואָס קענען ניט שרייבען און ניט לעזען) ביי אידען. אָבער א ש ט ר ע ב ו נ ג צום ספר, צו בילדונג, צו וויסענשאפט איז ביי דער אידישער מאסע פאראן א גרויסע. איך מיין, אז די שטרעבונג צו וויסענשאפט איז, אין דעמזעלבען קלאס, ביי אידען באמת פיעל שטארקער, ווי ביי דער ארומיגער ניט־אידישער בעפעלקערונג. און איך בעהויפּט עס ניט אויפ'ן סמך פון פּוסטע השערות אָדער אפילו פון פּערזענליכע איינדרוקען, נור שטיצענדיג זיך אויף די ברייטע ערפאהרונג, וואָס מיר איז אויסגעקומען ביי־צו־וואוינען אין'ם ווארשאווער „אוניווערזיטעט פאר אלעמען", אין וועלכען עס האָט עקזיסטירט א ספּעציעלע אידישע סעקציע: די סיסטעמאטישע רעגיסטרירונג פון די ט ו י ז ע נ ד ע ר צוהערער פון די פערשיעדענע קורסען אין דער אידישער סעקציע און אין די איבריגע אבטיילונגען פון יענעם פאָלקס־אוניווערזיטעט האָט געשאפען א ציפערמעסיגען מאטעריאל, וועלכער האָט קיין שום ספק ניט איבערגעלאָזען, אז דער דראנג צו וויסענשאפט איז אין ווארשא א סך שטארקער ביי די אידען ווי ביי די פּוילישע ארבייטער. איבעריגענס — דער סימן איז געוועז אין דאָניצע: בעת דער „אוניווערזיטעט" בכלל פלעגט כסדר געבען דעפיציט, פלעגט איהם זיין אידישע סעקציע נאָך אריינברענגען ריוח.

די שטרעבונג צו וויסענשאפט נעהמט אָן ביים אידישען ארבייטער אנאָרמאלע, וועניג ווינשבארע פאָרמען. איינער פון די פיהרער פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג האָט זיך צ. ב. אויסגעדריקט, אז אין יעדען אידישען ארבייטער לעבט אן עקסטערן. ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגען, אז דער אידישער ארבייטער חלומ'ט שטענדיג וועגען ווארפען זיין מלאכה און זיך נעהמען צו א ליבעראלער פּראָפעסיע. עס איז, פערשטעהט זיך, שווער צו קאָנטראָלירען, ווי ווייט דאָס איז אמת. דאָס דערמאהנט מיר אָבער די בעוואוסטע בעהויפּטונג, אז א פּראָלעטאריער חלומ'ט הויפּטזעכליך וועגען ווערען א שטיקעל קאפּיטאליסט. נור ווי די זאך זאָל אין אמת'ן ניט זיין, זאָרגט שוין די קאפּיטאליסטישע אָרדנונג גופא, אז אלע אזעלכע מיני חלומות זאָלען אין אלגעמיין בלייבען בלויז חלומות. קיין עקסטערנען ווערען אלזאָ די מ א ס ע ן אידישע ארבייטער ניט; דער דראנג צו וויסענשאפט בלייבט אָבער ביי זיי, און פון דעם קומט דער ארבייטער־מאסע געוויס קיין רעה ניט ארויס.

בעזונדער נוצליך וואָלט די שטרעבונג צו אויפקלעהרונג געקענט פאר איהם זיין איצט, בעת די אינטעליגענטע יוגענד פון אנדערע געזעלשאפטליכע קלאסען איז פון איהר אוועקגעגאנגען. דער אידישער ארבייטער־קלאס וואָלט פון זיינע רייהען געקענט ארויסשטעלען אן אייגענע א ר ב י י ט ע ר־א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ, וועלכע וואָלט געוועזען די נאטירליכע אנפיהרערין פון זיין בעפרייאונגס־קאמפּף.

נור אויב דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט, וועלכער געהערט געוועהנליך צו די פּריווילעגירטע קלאסען, פיהלט זיך געדריקט אין'ם אידישען תחום, מוז זיך על אחת כמה וכמה פיהלען געשמידט און געשטיקט דער אינטעליגענטער א ר ב י י ט ע ר. דאָס קליין ביסעל „קולטור" (ווי טעאטער, פאָרלעזונגען און ד. גל.), וואָס מען געפינט נאָך אויף דער אידישער פּראָווינץ, עקזיסטירט געוועהנליך אין אנאנדער שפּראך: אויף רוסיש אָדער פּויליש (ווארום אידיש ווערט דורך דער ביוראקראטיע גע'רודפ'ט אויף די פערשיעדענסטע אופנים). א חוץ דעם איז דער צוטריט צו דער דאָזיגער „קולטור" פערבונדען מיט אזעלכע הוצאות, וואָס דער אידישער ארבייטער אין תחום קען עס זיך ווייט ניט אָפּט ערלויבען. און אזוי געהט עס צו, ווען ער וויל אפילו בלויז ג ע נ י ס ע ן פון'ם קולטורעלען לעבען. איז ער אָבער א מענש מיט איניציאטיווע און וויל אויך ו ו י ר ק ע ן אויף דיעזען לעבען, דאן שטויסט ער זיך באלד אָן אויף דעם איצטיגען פּאָליטישען רעזשים, וועלכער דולדעט נאָך פיעל־וועניג געוויסע מינים געזעלשאפטליכע טעטיגקייט פון די ה ע כ ע ר ע קלאסען, אָבער וועלכער שטערט מיט אלע כחות די מינדעסטע אָרגאניזאציאָנס־פּראָבעס, די מינדעסטע זעלבסטטעטיגקייט פון די א ר ב י י ט ע ר־שיכטען. און אויב די אידישע ארבייטער ווערען דורך פערשיעדענע סבות געצוואונגען מאסען־ווייז אויסצו־וואנדערען, דאן ווערען דורך דער ע מ י ג ר א צ י ע אין דער ערשטער רייהע איינגעשלונגען די אקטיווע, איניציאטיוו־פולע א י נ ט ע ל י ג ע נ ט ע ארבייטער; ווארום א חוץ די געוועהנליכע סבות, שטופּט זיי צום אויסוואנדערען אויך די ג י י ס ט י ג ע שטיקעניש, אין וועלכער זיי געפינען זיך אין תחום.

איך האָב דאָ ניט בדעה ארומצורעדען די אלגעמיינע ווירקונג פון דער עמיגראציע אויף די אידישע ארבייטער־בעוועגונג אין רוסלאנד. די דאָזיגע ווירקונג איז אָבער אזוי ברייט, אזוי פיעל־זייטיג, אז בעטראכטענדיג די פערשיעדענסטע ענינים, מוז מען זיך אָן איהר אָנשטויסען. און רעדענדיג וועגען דער ארבייטער־אינטעליגענץ, קענען מיר דעריבער אויך די ווירקונג פון דער עמיגראציע ניט פערשווייגען.

און באמת, ווארפען מיט א בליק אויף די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג אין רוסלאנד, און גיבען זיך א פרעג, וואו זיינען אהינגעקומען די אמאָליגע אינטעליגענ־

טע טהוער, — דערזעהען מיר, אַז ניט אַלע פון זיי האָבען זיך פערזונקען אין זייערע פערזענליכע עסקים, נאָר דאָס פיעלע, זעהר פיעלע, אפשר נאָך מעהר אַ סך ווי די וואָס זיינען געבליבען אין רוסלאַנד און פון דער בעוועגונג אבגעשטאַנען, זיינען איצט — אין אמעריקא. בלעטערט דורך, אויף טשיקאַוועס, די „פאָלקס־צייטונג“, קוקט זיך צו צו די מיטאַרבייטער און קאָרעספּאָנדענטען, צו די יעניגע פון זיי, וואָס זייערע נעמען געפינט איהר אין דער „צייט“ ניט, — און איך פערזיכער אייך, אַז ווענינגסטענס דריי פערטעל פון זיי זיינען אין אמעריקא. פיעלע פון זיי זיינען דאָרטען אָנגעזעהענע טהוער אין דער אַרבייטער־בעוועגונג. מעגליך, אַז די עמיגראַציע האָט ניט נור זיי פּ ע ר ז ע נ ל י ך לייכטער געמאַכט די עקזיסטענץ, נור אַז בלויז אַ דאַנק איהר, אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבען רוסלאַנד פערלאָזען, האָבען זיי בכלל געקענט בלייבען אין די רייהען פון'ם קעמפפענדען פּראָלעטאַריאַט. די לאַגע אין ר ו ס ל אַ נ ד ענדערט דאָס אָבער זעהר וועניג.

די עמיגראַציע פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, וועלכע בעשטעהט אין דער לעצטער צייט כמעט אויסשליסליך פון אינטעליגענטע אַרבייטער, איז, ווי עס שיינט, איצט אויך ניט שוואַכער ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק. די טהוער פון דער אידישער אַרבייטער־בעוועגונג אין רוסלאַנד קומט־אויס אָפּט זיך צו בעגעגנען מיט דער ערשיינונג. איך וועל דאָ איבערגעבען בלויז איין פאַקט, וועלכער איז אָבער איינער פון פיעלע.

די רעדאַקציע פון „צייט“ האָט ערהאַלטען פון דער שטאָדט ב. אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענצען, וועלכע האָבען אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי האָבען זיך אויסגעזונדערט צו גוטען פון דער מאַסע קאָרעספּאָנדענצען, וואָס בעקומען זיך געוועהנליך אין דער צייטונג. עס איז באַלד קענטיג געווען, אַז זיי שרייבט אַן אינטעליגענטער אַרבייטער, וועלכער פערשטעהט זיך צוצוקוקען און נאָכצודענקען איבער דעם, וואָס געשעהט אַרום איהם. אין עטליכע וואָכען אַרום בעקומט זיך פון איהם אַן אויספיהרליכער אַרטיקעל וועגען אַ וויכטיגער פראַגע פון'ם אידישען פּראָפעסיאָנעלען לעבען. דער אַרטיקעל איז געווען איינפאַך לויט זיין פאָרם, גאַנץ אָריגינעל לויט זיין אינהאַלט און דורכגעדרונגען מיט'ן ריכטיגען געפיהל פון'ם קאָנקרעטען לעבען: ער האָט אויף אַזאַ מין אַרט זיך אויסגעצייכענט פון די אַרטיקלען פון פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטען, וועלכע טראָגען אויף זיך, אַזוי צו זאָגען, אַ געוויסען „פאַבריק־שטעמפּעל“; זיי זיינען שטענדיג פיעל־ווייניג אָבגעריסען פון'ם קאָנקרעטען לעבען; עס שמעקט פון זיי געוועהנליך מיט טעאָריע אָדער מיט מליצה, ד. ה. מיט געקינצעלטע זאַכען. דעם אַרטיקעל האָט מען נאַטירליך ביי דער ערשטער פּאַסענדער געלעגענהייט אָבגעגעבען אין דרוק. ליידער אָבער דעם נומער „צייט“ מיט'ן געדרוקטען אַרטיקעל האָט דער פערפאַסער שוין דערזעהען — אין אַנטווערפּען, וואו ער האָט זיך אויף עטליכע טעג אָבגעשטעלט אויף דער רייזע קיין אַמעריקא.

עס ענטלויפען ניט נור די בורזשואַזע אינטעליגענטען, עס לויפט אויך די אייגענע אַרבייטער־אינטעליגענץ. די לעצטע, אויב זי פערלאָזט ניט דעם פּראָלעטאַריאַט (וועגען דעם רעד איך איצט ניט), פערלאָזט זי אָבער רוסלאַנד. און פאַר דעם אידישען אַרבייטער־קלאַס אין ר ו ס ל אַ נ ד געהט אויף אַזאַ אַן אַרט פערלאָרען אַ גרויסער טייל פון זיין בעסטער בלוט.

•

געוויס קענען די פערלוסטען פון היינטיגען טאָג ניט ברענגען צו קיין פולען פעסימיזם. די טהוער פון דער אידישער אַרבייטער־בעוועגונג אין רוסלאַנד פערגעסען נאַטירליך איין רגע ניט דעם מאָרגען, די פּראַכטפולע אויפבליהונג, וואָס וואַרט אויף די בעוועגונג, בעת די אַרבייטער־אינטעליגענץ וועט שוין מעהר ניט זיין געצוואונגען צו פערלאָזען די היימישע רייהען. דערווייל אָבער? צי געווינט לפּחות די אַרבייטער־בעוועגונג אין אַמעריקא אַזוי פיעל, וויפיעל עס פערליערט פון דער דערמאַהנטער עמיגראַציע די אידישע אַרבייטער־בעוועגונג אין רוסלאַנד?

דער ענטפער אויף דעם געהערט די אַמעריקאַנער גענאָסען.

שלום אַש

דער וועג צו זיך

ראָמאַן.

.1

אין אַ פרעמדע שטאָדט.

די זונן האָט זיך אַריינגעריסען דורך די צוויי פענסטערלעך אין דעם קליינעם, ריינעם דייטשען האָטעל-צימעריל און האָט דאָס שטיבעל בעגאָסען מיט גאַנצע צעבערס ליכטיגקייט, פערכאַפּט די צוויי בעטען, וואָס זיינען געשטאַנען נעבענאייננאַנדער און אויפגעריסען מישאַ זילבערבערג׳ס פערמאַכטע אויגען.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך ארומגעקוקט פערוואונדערט — נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך און פון וואַנען ער קומט דאָ אַהער. עס האָבען איהם אָבער באַלד אַנטקעגען געשמייכעלט דיא צוויי גרויסע, ליכטיגע אויגען פון זיין יונג ווייבעל אויס דעם צווייטען בעט, וואָס איז געשטאַנען נעבען זיינס. ער האָט זיך וויא דערמאָנט און געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— אה, דו ראַחעל, שוין לאַנג אויף?

— יאָ, מישאַ, — לאַכט איהם דאָס יונגע ווייבעל אין פּנים אַריין — די דייטשע זונן לאָזט נישט שלאָפען. איך האָב דיך נישט געוואָלט וועקען; ביסט אַזוי געשמאַק געשלאָפען — אַ פערגניגען געוועזן צו זעהן.

— געפינען מיר זיך טאַקע אין דעם דייטשען שטעדטעל, וואו מיר זיינען נעכטען ביינאַכט פערפאָהרען?

— יאָ, מישאַ. קום, הויב דיך אויף! איך בין נייגעריג צו זעהן, ווי אַ דייטש שטעדטעל זעהט אויס. איך האָב דאָך קיין מאָל ניט געזעהן, און די קינדער זינגען פון פריהמאָרגען אָן, — האָט דאָס יונגע ווייבעל געזאָגט און איז מיט איין שפּרונג, ווי אַ יונגער פויגעל אויס דעם בעט געפלויגען.

— די זונן שטעהט אויף ביי זיי פריה, — זאָגט מישאַ מיט אַ שמייכעל און זוכט די ברילען אויף זיין שרייב-טיש, — אַ טיכטיג פאָלק. — און הויבט זיך אָן אָנטהאָן נאָך זיין פרוי.

— נעכטען ביינאַכט, ווען מיר זיינען אין שטאָדט געקומען, איז שוין אַלעס געשלאָסען געוועזן, — זאָגט ראַחעל — עס איז דאָך אַ פערגניגען אַזוי, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, אין אַ פרעמדע שטאָדט, זיך אויפצוכאַפּען אין אַ האָטעל-צימער. זעה, ווי אַלעס איז דאָ ביי זיי ריין, יעדע זאַך אויף איהר אָרט, — אַך, אַ יום-טוב, אַ יום-טוב היינט! — שרייט אויס דאָס יונגע ווייבעל, שטעהענדיג ביים האַלב-אָפענעם פענסטער — קום אַהער, מישאַ, זעה ווי די קינדער געהען מיט בלימעלעך אין די הענד און זינגען ליעדער. קום אהער צום פענסטער!

— אַך, אַ יום-טוב, וועלען מיר מזל האָבען — אַריינגעקומען אין דער שטאָדט אַריין אום יום-טוב, — זאָגט מישאַ און געהט אויף צו צום פענסטער. באַלד דערמאָנען זיי זיך אין וואָס פאַר אַ „הלך“ זיי שטעהען ביים אָפענעם פענסטער, און פון אונטען האָט מען שוין אָנגעהויבען ארויפצוקוקען צו זיי — זיינען זיי פון פענסטער אָבגעשפּרונגען און אָנגעהויבען זיך פלינק אָנצוטהאָן.

אַז דאָס קאַלטע וואַסער האָט זיך געגאָסען איבער ראַחעל׳ס נאַקעטען לייב, האָט זי געלאַכט אויס דעם פולען האַלז:

— מיר וועלען קיין בעקאַנטע ניט זעהן, מישאַ. מיר וועלען זיך אַרומדרעהען אין שטאָדט, ווי ווילד פרעמדע — עס איז אַ פערגניגען! . . .

— יאָ, ראַחעל, ווי ווילד פרעמדע, — נור ער איז שוין געקומען צו זיך. ווי מיט אַ הויך איז אַוועק פון איהם די נאַטירליכע פרעהליכקייט, וועלכע האָט ארויסגעקוואָלען פון איהם, פון זיין יונגען טעמפּעראַמענט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווער ער איז — און אַ גרויסע וואַנד איז געשטאַנען צווישען איהם און דער זונן, וואָס האָט אַזוי פריינדליך אַריינגעשיינט אין פענסטער. עס האָט איהם אַרומגענומען דער ענגער פּאַס, וואָס נעהמט אַרום מענשען, וועלכע האָבען אויף זיך אַ גרויסע זינד, אָדער אַ געפעהרליכע קרענק . . . די טרויעריגע געדאַנקען, מיט וועלכע ער האָט זיך נעכטען שלאָפען געלעגט, זיין גאַנצע לאַגע איז איהם פאַר די אויגען ווידער געשטאַנען, נור ער האָט דאָס פון זיך מיט געוואַלט אַוועקגעטריבען. די זונן שיינט אַריין, זיי זיינען אין אַ פרעמדע

שטאָדט, און ראַחעל איז פרעהליך; אַוועק איז פון איהר דער טרויעריגער שאַטען, וועלכער האָט זי בעגלייט דעם גאַנצען וועג. ער האָט געקוקט אויף איהר, אויף איהרע נאַקעטע הענד און האָט צום ערשטען מאָל בעמערקט איהר צאַרטען, קינדישען קערפּער — און עס האָט איהם אַרומגענומען אַ רחמנות־געפיהל צו איהר. ער האָט זי יעצט ליעב געהאַט און געהאַט דאָס בעדירפניס זי אויף די הענד צו נעהמען און אַרומצוטראָגען זי איבער די גאַסען, ווי מען טראָגט אַ קינד . . .

דאָס געפיהל האָט איהם אין אַלעם פּערגעסען געמאַכט. בעגראַבען האָט ער אין זיין האַרץ טיעף דעם טרויער, וועלכען ער האָט מיט זיך פון זיין היימאַט מיטגעבראַכט — דעם טרויער און דעם צער. די יוגענד און די זונן האָבען געטהאָן דאָס זייעריגע.

— שוויג, ראַחעל, וועסט זעהן, וואָס מיר וועלען זיך אָנטהאָן. עס איז פּורים ביי די דייטשען, אַ פּערשפּעטיגטער פּורים, — נו, וועלען מיר אויך פּורים־שפּיעלער ווערען. ווייסטו וואָס, וועסט דיך אָנטהאָן ווי אַ אינגעל אין שוואַרץ־זיידענע הויזען, אין לאַנגע שוואַרץ־זיידענע שטרימף און אַ ברייטען מאַרקיז־קאַפּעלוש מיט אַ גרויסע פּעדער; כ'לעבען, עס וואָלט דיר זעהר געפּאַסט, — בעטראַכט ער איהר פיגור און געהט אין דער שטיל צו און גיט איהר אַ קוש אין דעם נאַקעטען קאַרק אַריין.

ראַחעל האָט זיך אומגעקוקט, ווי עפּעס אַ וואונדער וואָלט געשעהן. אַ שטראָם בלוט האָט זי בעגאָסען פון אויבען ביז אַראָב, — צום ערשטען מאָל, צייט זיי זיינען נאָך דער חתונה, זעהט זי איהם אַזעלכען. וואָס איז דאָס געשעהן מיט איהם? צייט נאָך דעם, וואָס עס האָט מיט איהר דאָס אונגליק געטראָפען, האָט ער זי נאָך נישט געזעהן . . . און זי ווייסט דאָך, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט איהר צוליעב רחמנות, אַז ליעב האָט ער אַן אַנדערע— מערי'ן.

דאָס ערשטע מאָל ווי זי זעהט איהם אַזעלכען, ווי זי בעמערקט אין איהם אַ נייגונג צו איהר, — און איהר האָט זיך דאָך געדאַכט, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט זעהען, און זי איז אומגעגאַנגען נעבען איהם ווי אין שלאָף, ווי אַ שאָטען . . .

זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן, נור רויט געוואָרען און געקוקט אויף מישאַ'ן, ווי אויף אַ וואונדער, מיט אַ פּאָר גרויסע, גרויסע, אָפענע אויגען. און גרויסע טרעהרען האָבען זיך איהר בעוויזען אין די גרויסע אויגען. און מישאַ איז אויך שטעהען געבליעבען, נישט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם און געשמייכעלט, — געשמייכעלט אין דער וועלט אַריין . . .

נור באַלד האָט ער זיך געפונען — אַרומגענומען דרייסט ראַחעל'ן ביי איהר לייכטע טאַליע און געזאָגט:

— קום, ראַחעל, דער פריהלינג איז דאָ, און די דייטשען איילען זיך זעהר . . .

דאָס מיידעל האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון זיין האַנד און פלינק זיך אָנגעטהאָן. זי האָט היינט לענגער געקוקט אין שפּיעגעל אַריין, ווי אַן אַנדערס מאָל; זי האָט נישט געהערט מישאַ'ס רייד — אין איהר האַרץ האָט זיך אָנגעצונדען אַ גרויס גליק.

— —

אַז זיי זיינען אויף דער גאַס אַרויס, האָט זיי אַ פרישער מאַי־ווינד בעהויכט און אַרומגענומען זיי דורך און דורך. זיי זיינען, ווי דורך אַ וואונדער, אין דעם טיעפען פריהלינג, וואָס איז דאָ מיט אַ צוויי חדשים פריהער ווי ביי זיי אין דערהיים.

דער פריהלינג האָט געבליהט איבעראַל— אויף דער גאַנצער ערד, איבער'ן גאַנצען הימעל און איבער אַלע בוימער. אַלעס האָט זיך געבאָדען אין גרינס, און מענשען, הייזלעך און גערטענדלעך — זיינען געווען אָבגעוואַשענע, אויסגעפּוצטע, יום־טוב'דיגע. וואָרום אַ גרויסער יום טוב איז געווען אין שטעדטעל — דער יום־טוב פון פריהלינג. די קנאָספּען אָפען, די צווייגען בעבלעטערט, און דאָס גרינס רייסט זיך פון שטיינער און טראָטוארען . . . קינדער אין ווייסען אָנגעטהאָן האַלטען קרענצלעך פּיילכען אין די הענד, ציהען איבער די גאַסען און זינגען ליעדער, — גריסען זיי פון דערווייטענס. איין מיידעל איז צוגעגאַנגען צו זיי און האָט זיי געגריסט: „גוט מאָרגען, מיין העררן!“ און דערלאַנגט ראַחעל'ן דאָס קרענצעל בלומען. און דאָס מיידעל האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט מיט איהר קינדישען חן אָנגעהויבען אָבצוזינגען איהר פריהלינגס־ליעד.

זיי זיינען ביידע שטעהען געבליעבען, האָבען נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי געפינען זיך, צי חלום'ען זיי דאָס נישט. און דערווייל זיינען וואָס אַ מאָל די גאַסען געוואָרען מעהר בעלעבט. אַלץ מעהר האָבען זיך געוויזען יום־טוב'דיג געקליידעטע מענשען, איינצעלנע פּערשטעלטע, און אַלע האָבען זיך געלאָזט אין מיטען מאַרק, געזונגען ליעדער, אין גאַס געגאַנגען.

פון דערווייטענס הערט זיך שוין די מוזיק שפּיעלען, פאָהנען פון צעכען ווייזען זיך. אַלטע בעלי־בתים, ווייס־בעהויבטע בעל־בית'טעס שטעקען אַרויס זייערע גרויע קעפּ צווישען די ווייסע פאָרהענגלעך אין די פענסטער. און דער פריהלינג האָט אויף זייערע אַלטע פּנים'ער, ווי אויף אַלטע, אָבגעלעבטע בוימער, אויך געבליהט און אַרויסגעבראַכט אויפ'ן געזיכט דאָס ביסעל חיות און רויטליכקייט, וואָס האָבען זיך

געפונען אין די אַלטע קערפּערס. וואָרים עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב אין דער שטאָדט, דער יום־טוב פון פערברענען דעם „ווינטער“, דעם „אייז־בער“ און פון פייערען דעם פריהלינג, און דאָס גאַנצע שטעדטעל איז ארויס פייערען דעם יום־טוב.

מישאַ און ראָחעל האָבען זיך ביי די הענד אָנגענומען און געלאָזט זיך מיט דער מענגע — אויף פייערען דעם יום־טוב פון פריהלינג און מיטגעזונגען מיט אַלעמען דאָס געזאַנג, וואָס זיי האָבען נישט פערשטאַנען.

.2

דער יום־טוב פון פערברענען דעם ווינטער.

צוערשט זיינען געגאַנגען די מוזיקאַנטען פון די צעכען, די צעכען מיט די פאָהנען. און די בעלי־בתים פון שטעדטעל, פערקליידט אין די מלבושים פון זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס, וועלכע האָבען געלעבט אין דעם שטעדטעל מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, האָבען אין רייהען שפּאַציערט נאָך די מוזיקאַנטען. אַלעס איז געווען פערשטעלט. אַלטע גוים מיט לאַנגע בערד און יונגע שקצים׳לעך, אָנגעטהאָן אין מיטעלאַלטערישע קאָסטיומען, אין היטען מיט פעדערען — זיינען געגאַנגען אין די רייהען מיט ערנסט און כבוד, ווי זיי וואָלטען זייערע הייליגסטע פליכטען ערפילט. אויף אַ וואָגען זיינען געפאָהרען די לעגענדאַרישע „ראַזבויניקעס“ מיט די העק אין די הענד, און דער אַלטער „ראַזבויניק“ מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און האַק אין האַנד האָט אָנגעפיהרט די שייקע. נאָך זיי זיינען געגאַנגען דעם פירשט׳ס „לאַנדסקנעכט“ מיט די אַלטע פיקעס אין האַנד און האָבען געפיהרט צווישען זיך אַ זעלנער־„דירנע“; דער „שניידער“ און דער „וואַלד־ריעז“ פון גרימס מערכען און די העלדען פון די אַלטע גוטע פאָלקס־ליעדער; די סטודענטען־שאַרען פון „אַלט־היידעלבערג“ מיט די פאָהנען און שווערדען און נאָך זיי זיינען די יוגענד־צעכען — בעקער, שניידער, שוסטער, — און אַלעס איז געווען פערשטעלט און געגאַנגען אין די רייהען מיט כבוד און ווירדע.

דער גאַנצער עולם האָט ארויסגעאיילט אויפ׳ן פּלאַץ הינטער דער שטאָדט, וואו עס איז שוין געווען אויפגעשטעלט אויס וואַטע דער „אייז־בער“ — צו פערברענען, וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין לזכר שנעע און ווינטער, וואָס די עהרליכע דייטש׳ען פון דעם קליינעם שטעדטעל האָבען אין די אויגען ניט אָנגעזעהען און ווייסען נור, אַז עס עקזיסטירט שנעע און פראָסט פון דער נאַטור־געשיכטע און פון די רייד פון זייערע אַלטע זיידעס און באָבעס, וועלכע דערצעהלען, אַז אַמאָל, אין זייערע יאָהרען, איז זייער שטעדטעל אום ווינטער אין גאַנצען פערשנעעט געוואָרען און מען איז געפאָהרען מיט שליטענס; נור דער קלימאַט בייט זיך און שוין גאַנץ לאַנג איז ביי זיי קיין שנעע ניט געוועזען, אָבער עס דאכט זיך, אַז אויך זיי האָבען אין די אויגען קיין שנעע ניט אָנגעזעהן און ווייסען עס פון דעם, וואָס זיי האָבען דערצעהלט זייערע זיידעס און באָבעס . . . פיער יונגע מיידלעך אין ווייסען אָנגעטהאָן, בעקרענצט די קעפּ, (דער פריהלינג האָט דאָס געזאָלט בעדייטען), מיט פיער פאַקעל אין די הענד — זיינען צו צום „ווינטער“ און אונטערגעצונדען דעם וואַטענעם אייז־בער.

ווי דער פלאַם האָט זיך ארויפגעכאַפּט צום אייז־בער און די וואַטע איז אין פייער צוגאַנגען, האָבען די אָרקעסטערס פון די צעכען געשפּיעלט דעם פריהלינגס־מאַרש, די בירגער האָבען די היט געצויגען און אויסגעשריגען אַ שאַלענדען הורראַ!

דערנאָך, אַז מען האָט דעם „ווינטער“ פערברענט, האָבען זיך די יונגע בחורים פון שטעדטעל געפּרופט ארויפקלעטערען אויפ׳ן הויכען דראָנג, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, וועלכער איז געווען בעשמירט מיט זייף, כדי ער זאָל זיין גליטשיג, און אויף דעם דראָנג איז געלעגען אַן אנצוג מיט אַ זייגער, און ווער עס האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף דעם דרייסיגפוסיגען דראָנג — דעם קעהר דער אנצוג מיט׳ן זייגער.

נאָכדעם ווי אייניגע זיינען פון דראָנג געפאַלען, איז עס דאָך איינעם געלונגען זיך ארויפצוקריגען אויפ׳ן דראָנג, און ער האָט געקריגען דעם נייעם אַנצוג מיט׳ן זייגער. די בירגער האָבען דאַן ווידער די היט געצויגען און אַ שאַלענדען הוראַה אויסגערופען.

אַז די אַלע זאַכען האָבען זיך געענדיגט, זיינען זיך די בירגער צוגאַנגען. נאָך האָבען די מיידלאַך געטאַנצט ביי דעם שפּיעלען פון מוזיק, — באַלד איז אָבער די מוזיק פערלאָשען געוואָרען, יעדער איז זיך אַהיים געגאַנגען זיין וועגס. און אין אַ האַלבע שעה ארום האָט שוין דאָס שטעדטעל אויסגעזעהן ווי געוועהנליך. יעדער איז געווען פערנומען מיט זיין אַרבייט, נור בלויז וואָס די זונן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַזוי יום־טוב׳דיג ווי פריהער און האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס שפּיעל איז שוין צו ענד; און דער פריהלינג, די בלימעלעך האָבען זיך ווייטער געריסען אויף די עקען פון די גאַסען, וואו זיי האָבען נור געקריגען אַ שפּאַלט ערד צווישען אַ שטיין.

מישאַ און ראָחעל זיינען געשטאַנען דורך דער גאַנצער צייט פון שפּיעל און געפיהלט זיך אין מיטען דער חתונה. זיי האָט בעגייסטערט און פערוואונדערט יעדע קליינינגקייט פון שפּיעל. ראָחעל האָט זיך געפרעהט ווי אַ קינד.

מישא האָט זיך געפיהלט, ווי אויף אַ גרויסען יום־טוב. עס האָט זיך איהם געדאכט, אַז יעדער פון די אנטהייל־נעהמער איז דורכגענומען מיט אַן ערנסט געפיהל צו דעם יום־טוב פון פריהלינג, און ער מוז אויך האָבען דאָס ערנסטע געפיהל. די שנאה צו דער אַלטער היים, פון וואַנען ער קומט יעצט, און די ענטציקונג פאַר דעם רוהיגען לעבען, וואָס שפּיעלט זיך אָב אין דעם קליינעם, רוהיגען דייטשען שטעדטעל, האָבען איהם אויף אָט די געדראנקען געבראַכט, און ער האָט זיך געפיהלט אַריינגעטהאָן אין דעם יום־טוב. און דער יום־טוב איז ביי איהם געוועזען ווי אַ סימבאָל פון ליעבע פון מענש צו מענש, פון זיכערקייט, פון אַלט איינגעזעסענהייט, פון תושב.

נור ווי דער עולם איז זיך צוגאַנגען און זיי זיינען געבליעבען אַליין — האָט איהם דער געדאנק וועגען איינזאַמקייט ווידער אָנגעהויבען צו פּייניגען. ער האָט זיי מקנא געווען, מקנא געווען די גאַנצע וועלט, וואָס יעדער האָט אַ היים, וואו ער געהט נאָך דעם יום־טוב אַהין, און ער בלייבט אין דער גאַס . . . זיין צוקונפט, זיין גורל און דער גורל פון גאַנצען פאָלק איז איהם ווידער פאַר די אויגען געשטאַנען אין זייער גאַנצען שרעק. נור ער האָט זיך ווי אַוועקגע'גנב'עט פון די געדאנקען, פערליערען זיי געוואָלט — ער איז געווען אין גאַנצען אַריינגעטהאָן אין דעם גרויסען יום־טוב פון דער וועלט, פון פריהלינג.

אָנגענומען האָבען זיי זיך ביי די הענד און אָנגעהויבען איבער די גאַסען צו שפּאַציערען, און עס האָט זיי ענטציקט יעדע קליינינקייט—ווי די הייזלאַך זיינען קליין און שטעהען יעדעס בעזונדער אין אַ גערטענדעל, ווי די בוימער בליהען פאַר די טהירען, ווי די ווייבער בעגיסען די בייטען בלימעלעך. און געשמייכעלט האָבען זיי צו אַלעמען און געגריסט אַלעמען.

דערזעהן אין אָפּענעם רעסטאָראַן, פאַר דער טהיר פון וועלכען אַ סך מענשען זיינען געזעסען און געגעסען, האָבען זיי זיך אויך אַוועקגעזעצט עסען — און געפיהלט זיך אין איינעם מיט'ן גאַנצען עולם.

נאָכ'ן עסען האָבען זיי ווידער שפּאַציערט אין די גאַסען. אָנגעקומען צו אַ בייט טולפּאַנען, וואָס האָבען געבליהט אין אַ ראָד אין מיטען אַ גרויסען מארק, האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, ביי די טולפּאַנען און בעטראַכט די קעפּעלעך, ווי זיי פערמאַכען זיך, און געפרעהט זיך מיט זיי.

זיי זיינען שוין מיעד געוואָרען; אין האָטעל האָבען זיי נישט געוואָלט צוריקגעהן: עס איז זיי צו ענג געווען דאָס שטיבעל און האָבען מורא געהאַט דערפאַר. זיי האָבען געוואָלט זיין אין דרויסען, אין פריהלינג.

— קום, מיר וועלען געהן הינטער דער שטאָדט — האָט מישא געצויגען ראחעל'ן. זיי האָבען אָנגעטראָפען אַ לאַנגע אַלעע פון טאָפּאָליען צווישען צוויי קלאָהרע וואַסערלעך — האָבען זיי זיך געלאָזט דורך דער אַלעע ביז זיי זיינען אָנגעקומען אויסער דער שטאָדט.

דאָ איז שוין געווען דער פריהלינג אויסגעגאָסען איבער אַלע ברעגעס. אויסגעגאָסען האָבען זיך די בייטען גרינס און פערנומען אַלע פעלדער און וועלדער, וואו דאָס אויג האָט נור געקענט פערכאַפּען, ווי דעם ליכטיגען הימעל אויבען, אַזוי די ערד אונטען, און אַריינגעריסען זיך אויף אַלע וועגען און שטעגען און קוים איבערגעלאָזט די מענשען און וועגען אַ שפּאַר פּאַסעקיל צו געהן. צווישען די סעדער און גרינס האָבען אַרויסגעקוקט ווייסע און רויטע הייזלעך, בעוואַקסען אין גאַנצען אין בלעטער. פאַר אַ הויז איז געשטאַנען אַ מענש מיט אַ אינטעליגענט געזיכט, אין אַן ארבייטער בלוזע, און האָט זיך זאָרגפעלטיג איבערגעקוקט יעדעס בלימעל פון זיין גאָרטען. אַ מינוט איז מישא געשטאַנען און האָט איהם בעטראַכט און נאָכגעקלערט, — געזאָגט צו ראחעל'ן:

— ווייסט וואָס, לאָמיר גאָר דאָ בלייבען. קום, מיר וועלען זוכען צווישען די הייזלעך אַ וואָהנונג, ווילסט?

— יאָ, — פרעהט זיך ראחעל.

נאָך אַ שעה זוכען האָבען זיי געפונען צוויי קליינע צימערלעך אין אַ געדיכט בעוואַקסענעם סאָד. נאָך דעם זעלבען פּאַרנאַכט האָבען זיי איבערגעפיהרט זייערע זאַכען אין דרויסען אַרויס — צו דער נייער וואָהנונג, אין די פּרעמדע צוויי ריינע דייטשע שטיבלעך, מיט דעם קליינעם גערטענדעל פאַר דער טהיר.

נאָך דעם זעלבען אָבענד האָט אין זייערע פענסטערלעך אַריינגעשיינט די יונגע לבנה, מיט איהר בעגלייטערין, די ווענוס. מישא איז געשטאַנען ביים פענסטער, בעטראַכט די בלאָהע, פרישע פריהלינגס־נאַכט. די ווייסבעבליהטע בוימעלעך, וועלכע זיינען געשטאַנען אין גאָרטען, בעגאָסען מיט לבנה־ליכט, האָבען איהם אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ פער'כשופ'טע וועלט. אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום. מען האָט נור געהערט, ווי דער ווינד יאָגט פון דעם געבליהעכטס דעם געשמאַק אַרויס, ווי די שטערען געהען און ווי די פויגעל־נעסטען אין די בוימער ליעבען זיך. ראחעל איז אין שטוב געווען, האָט עפּעס געזונגען, וואָס שוין לאַנג, לאַנג האָט זי דאָס נישט געטהאָן, און איינגעקעמט איהרע צעפּ צום נאַכט־שלאָף. און מישא'ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז קיין מאָל אין רוסלאַנד נישט געוועזען, האָט קיין מאָל נישט איבערגעלעבט דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. מיט ראחעל'ן איז גאָרנישט גע־

שעהן . . . זי איז זיין יונגע, יונגע כלה און ער וואָהנט שוין דאָ, אין דעם פריהלינגס־גאָרטען, צווישען די בליהענדע בוימער און בעשטערענטער נאַכט, צווישען מאַי־ריח און דעם פריהלינגס־לופטיגען ווינטעל — פון תמיד אָן, וועט שטענדיג, שטענדיג דאָ וואָהנען.

.3

אַ ווילדע נאַכט.

אַ ווילדע נאַכט איז עס געווען. די פענסטער זיינען געווען אָפען אין גאָרטען אַריין, וואָס איז געווען אין גאַנצען בעגאָסען מיט דעם ווילדען לבנה־ליכט פון פריהלינגס־צייט. די שאָטענס פון די בליהענדע בוימער האָבען שפּאַציערט ווי גייסטער אויף די וועגד פון שטיבעל, און זייערע בלעטער און בליהעכטס האָבען זיך בעוואויגען אין שאָטען אויף זייער בעט און בעטגעוואַנד.

דער ווינד האָט זיי אַריינגעבראַכט דעם ווילדען געשמאַק פון די בליהענדע בוימער אין דער פריהלינגס־נאַכט.

מישאַ האָט געהאַלטען די נאַקעטע ראַחעל אויף זיינע הענד, צוגעדריקט זי צו זיין האַרץ און געקוקט איהר שאַרף אין די אויגען אַריין:

— איך וויים פון אַלעמען. זיי האָבען דיך געשענדעט, — פּערצעהל מיר, שוועסטער, פּערצעהל. שלאָג מיך מיט דיינע ווערטער, — עס איז מיין שאַנד, מיין שאַנד פאַר מיין שוואַכקייט, פאַר מיין אָרימקייט . . . פּערצעהל, שוועסטער, פערצעהל, וואָס האָבען זיי געטהאָן מיט דיר? איך וויל אַלעס וויסען — אַלעס וויסען.

ראַחעל האָט זיך געריסען פון זיינע הענד און געקוקט אויף איהם מיט שרעק, ווי אויף אַ משוגענעם, — און אַ גרויסע בושה האָט זי אָנגעצונדען. זי האָט זיך געריסען פון זיינע הענד:

— לאָז מיך אָב. לאָז מיך אָב.

— מיין שוועסטער, זיי האָבען דיך געשענדעט . . . ווי די ווילדע הינט זיינען זיי דיך בעפאַלען . . . ביסט געווען אַליין . . . דו האָסט געהערט זייער ברומען, זייער לאַכען; האָסט געזעהן, ווי זיי נעהנען זיך צו דיר . . . און מיט די שמוציגע הענד האָבען זיי דיך געכאַפּט, געריסען דאָס קלייד פון דיר — און אַ נאַקעטע ביסט דו פאַר זיי שטעהן געבליעבען . . . געפאַלען אויף דיר, ווי די הינד, ווי די חזרים טאָפּטשען אַ גאָרטען — און דו ביזט געפאַלען אונטער זיי אַזוי . . .

ראַחעל האָט שוין גאָר ניט גערעדט, נור געביסען זיינע פינגער און געריסען זיך פון איהם. ווי מיט אייזערנע קלעשטשעס האָט ער זי געהאַלטען, צוגעטראָגען זיין פנים צו איהרס און טיעף איהר געקוקט אין די אויגען אַריין און געזאָגט צו איהר:

— מיין שאַנד, נישט דיינע. איך האָב געזאָלט אָבהיטען דיין כבוד — דער אידישער גבור, און בין געלעגען הינטער דיין טהיר . . . איך האָב אפשר געהערט דיינע געוואַלדען — און וואָס האָב איך געטהאָן? האָב איך זיך דורכגעריסען דורך די שפּיזען פון די זעלנער דיך צו ראַטעווען? — ניין. איך האָב חתונה געהאַט מיט דיר, כדי דו זאָלסט מיר דערמאָנען מיין שוואַכקייט, מיין אונבעהאָלפענקייט. שטענדיג זאָלסטו מיר שטעהן פאַר די אויגען... און שלאָג מיך, שלאָג מיך — עס איז מיין שאַנד, מיין בושה! . . . ווייז די פלעקען, וואו זיי האָבען דיך געשלאָגען, — דאָ, דאָ, — איך וועל זיי מיט מיין בלוט בעגיסען, מיט מיין בלוט! . . . און ער איז געפאַלען אויף איהר און האָט זי אָנגעהויבען צו קושען ליידענשאַפטליך, — ווי אַ חיה איז ער זי בעפאַלען . . .

— ניין, איך האָב קיינמאָל קיין אַנדערע נישט געליעבט, קיינמאָל, קיינמאָל נישט. פאַר דיר בין איך בעשאַפען געוואָרען, און דאָס האָט דיך גאָט געשיקט אַזוי צו מיר. מיט אַ כיון האָט ער עס געמאַכט, אַז מען זאָל דיך שענדען, שענדען מיין כבוד, מיין ווייב, די מוטער פון מיין קינד — אַ צייכען, אַ צייכען אויף לעבענס־לאַנג אויף שוואַכקייט, אויף אָרימקייט, אויף אונבעהאָלפענקייט . . . אַז מען איז שקלאַפען, שענדעט מען די ווייבער. — ווייסט, אַלע כלות פון דאָרף האָבען געהערט צום שררה, אין דער צייט פון פאַנשציזנאַ. מיר זיינען אויך שקלאַפען. ווילסטו קינדער האָבען אין שקלאַפעריי? . . . אידישע טעכטער האָבען נישט קיין קינדער געהאַט אין דער שקלאַפעריי . . . גיעב מיר די האַנד, גיעב די האַנד, אַז מיר וועלען נישט פריהער קיין קינדער האָבען ביז מיר וועלען זיין בעפרייט. — ניין! שווערען, אַז מיר זאָלען ביידע — קיין קינדער נישט האָבען אין שקלאַפעריי, ביז מיר וועלען האָבען געפונען אַ מקום מנוחה . . . גיעב די האַנד!... און וועט מיך בעפאַלען אַ שוואַכקייט, וועסטו מיך צוציהען אַזוי צו דיר, ווי איצט — זאָלסט מיך שטעכען, שטעכען, ווי די אמת'ע אידישע טעכטער האָבען עס געטהאָן אַמאָל אין ירושלים . . . גיעב די האַנד, אַז מיר וועלען נישט האָבען קיין קינדער אין שקלאַפעריי, נישט לעבען אין שקלאַפעריי — גיעב די האַנד! . . .

זי האָט געפיהלט זיין הייסען אָטהעם, וואָס האָט זי אַרומגענומען, ווי אַ וואַרימע דעקע — און מיט איין ענערגישען וואָרף איז זי ארויס אַ נאַקעטע פון זיינע הענד און ארויסגעכאַפּט זיך פון דער שטוב אין סאָד אַריין.

ער איז געפאַלען אויף דער ערד, אַ מינוט געלעגען און נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט

וואָס ס'איז געשעהן, און איז ארויס נאָך איהר אין סאַד אריין.

דער גאָרטען איז געשטאַנען אין דער פריהלינגס-נאַכט בעגאָסען אין גאַנצען מיט דעם פולען לבנה־ליכט, און די ווייס־בליהענדע עפּעל־בוימער און די רויטבליהענדע פלוימענבוימער זיינען געשטאַנען, בעגאָסען מיט לבנה־ליכט, ווי ווייסע שדים. אַלעס איז געשטאַנען דערשראָ־קען און פרעמד און פערנומען אין סוד פון דער נאַכט.

ראחעל איז געזעסען אַ נאַקעטע אויף'ן ברעג פון דעם ברונען. דאָס לבנה־ליכט האָט אויך בעגאָסען איהר נאַקעט לייב, און מיט איהרע לאַנגע צופלאָשעטע האָאר און דערשראָ־קענע אויגען האָט זי אויסגעזעהן אזוי פרעמד, ווי זי וואָלט אויס אַן אנדער וועלט געקומען — מישא האָט זי גאָר ניט דערקענט.

ער איז געגאַנגען צו איהר אַ דערשראָ־קענער.

— דערנעהן זיך נישט צו מיר! — האָט זי אויסגערופען צו איהם פון דער ווייטענס — קומסטו אהער, וואַרף איך זיך אין ברונען אריין.

איהרע ווערטער זיינען געווען שטיל און איינפאַך געזאָגט, און געהערט האָט זיך פון זיי אַ זיכערהייט. זיי האָבען אין גאַנצען ניכ־טערן געמאַכט מישא'ן. ער איז געקומען צו זיך און זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געטהאָן און וואָס ער האָט גערעדט.

— זיי מוחל, ראחעל — האָט ער אָנגע־הויבען צו ריידען פון דערווייטענס אויף רוסיש — איך בין משוגע געווען, איך בין ווילד גע־ווען; עס איז צום ערשטען מאָל; איך ווייס נישט וואָס עס איז מיט מיר געשעהן. — קום אין שטוב אריין, וועסט דיך פערקיהלען — ביסט נאַקעט.

— איך וועל נישט פריהער געהן, ביז דו וועסט מיר געבען דיין עהרען־וואָרט, אַז דו וועסט מיך נישט אָנריהרען, אז דו וועסט האַל־טען דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט אין שטוב געזאָגט. יעצט ביזטו רוהיגער, קען איך דיר גלויבען.

— איך בין משוגע געווען, רחל'ע — לאַכט מישא — משוגע געווען. פערגעס, ראַ־חעל — און ער מאַכט אַ טריט נעהענטער צו איהר.

— מישא, שטעה — אָדער איך וואַרף זיך אין ברונען אראָב. — מישא איז געבליעבען שטעהן:

— אָבער געדענק אין גאָט, קום אין שטוב — וועסט דיך פערקיהלען.

— בעפאָר נישט.

— נאַ, דעק דיך צו — וואַרפט ער איהר צו זיין ראָק — אָבער, ראחעל, זיי מיר מוחל.

— איך וועל נישט פריהער ריידען מיט דיר, ביז דו וועסט מיר נישט געבען דאָס עה־רען־וואָרט.

— איך גיעב דיר דאָס עהרען־וואָרט — איך וועל דיך נישט אָנריהרען, ביז דו וועסט אַליין נישט וועלען.

— איך גלויב דיר. — און זי איז אַוועק פון ברונען אין שטוב אריין און פלינק זיך איינגעהילט אין אַ טוך.

אַ געוויסע צייט האָבען זיי ביידע געשוויי־גען. מישא איז געזעסען אין אַ ווינקעל שטוב זעהר ניעדערגעשלאָגען.

די ערשטע האָט אָנגעהויבען צו ריידען ראחעל.

— דו דאַרפסט גאָר נישט חרטה האָבען, קיין איין וואָרט נישט צוריקנעהמען פון דיינע ווערטער, מישא, און נישט טרויעריג זיין. איך פערשטעה דיך גאַנץ גוט, און האָב עס פריהער געוואוסט. איך ווייס, אז דו ליעבסט מיך נישט, אַז דו ליעבסט מערי'ן — דיין הארץ איז ביי איהר. מיך האָסטו גענומען, אזוי ווי דו זאָגסט, אַלס צייכען, אז איך זאָל דיך דערמאָ־נען אָן דער פערשוועכטער עהרע. אז דו ווילסט עס — זאָל אזוי זיין. אז נישט — וועל איך מאָרגען אהיים פאָהרען צום טאַטען. ווען איך האָב זיך בעשלאָסען מיט דיר מיטצוגעהן, איז ניט געווען מיין מיין צו געווינען דיין ליעבע מיט געוואַלד. ניין, מישא, גלויב מיר, אַז נישט דאָס. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס איך בין מיט דיר מיטגעפאָהרען אין אויס־לאַנד, אפשר אויך צוליעב דעם וואָס דו זאָגסט — אַלס צייכען פאַר די אויגען, צו דערמאָנען דיך. יאָ, יעצט זעה איך איין, אז דאָס איז גע־ווען מיין צוועק אָהן צו וויסען.

— אָבער, ראחעל, — שרייט אויס מישא — פערשטעהסטו נישט, אז איך האָב גערעדט אין אַ ווילדען צושטאַנד, אז אויסער אַ איד מיט אַ אידישער טראַגעדיע, בין איך אויך נאָך אַ מענש; פערשטעהסטו נישט, אז דענסמאָל, ווען איך האָב געליעבט מערי'ן, בין איך נאָך אַ קינד געווען, אז דאָס איז שטימונג געווען; אז אין דיר האָב איך ליעב געקריעגען דאָס ווייב, אז דו עסט מיך אויף מיט דיין תאוה, אז דאָס וואָס איך האָב פריהער געזאָגט, זיינען נור געווען ווערטער געוואָרפען אין דעם צו־שטאַנד פון עקסטאַז און ליידענשאַפט נאָך דיר . . . פאַר וואָס האָסטו מיך געבונדען מיט מיין וואָרט? איך געה אויס נאָך דיר! . . .

ווי וואָלט ער אַוועקגעגעבען זיין ליעבען יעצט פאַר זיין עהרען־וואָרט!

אָבער ראחעל האָט זיך געשטעלט אין פענסטער, איהר פול נאַקעט לייב האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר לייכטען טוך און בע־לויכטען געוואָרען אין ליכט פון דער לבנה, און זי זאָגט צו איהם:

— יאָ, מישא, דו האָסט רעכט; האָסט

מיך פריהער געבעטען, איך זאָל דיר אַלעס פּער־צעהלען. דיר, דיר מוז איך אַלעס פּערצעהלען ; דו מוזט פון אַלעס וויסען, מישא — ציטערט איהר שטימע. — ווייסטו, אז זיי האָבען מיך געפּייניגט, ווייסטו וואָס הייסט פּייניגען ? וואָס ס'הייסט אַ פּרעמדער קערפּער ווען ער ריהרט זיך צו צו דיר ? . . . זעהסט עס פון דערווייטענס, ווי עס דערנעהנט זיך צו דיר, — און אַ פּנים פון אַ חיה, פון אַ הונד שמייכעלט דיר אין פּנים אריין און שטעקט אַרויס אַזעלכע גרויסע אויגען, און מויל, און צייהן... און עס בעפאַלט דיך אַ שרעק, ס'ווערט דיר ענג, די ווענד רוקען זיך צונויף, קוקסט אויס אויף הילף, בעטסט דיך ביי די ווענד הילף . . . און אַ וואָרימער וואָרעם רוקט זיך צו דיין לייב צו, און עס בעפאַלט דיך אַ פּאַרע . . .

— הער אויף ! הער אויף !—שרייט אויס מישא — אָדער איך ווער משוגע, איך רייס מיר די אָדערען אויף צוויי !

— האָסט עס געוואָלט הערען — האָסט דו עס. האָסט עס ניט קיין מוטה אויסצוהערען, — וואָס אַרט עס דיר ? עס איז דאָך נור אידישע עהרע, אַלע אידען ריהרט עס אָן ווי דיך — וואָס האָסטו דיך מעהר צו קאָכען ווי אַנדערע ? —

מיט איין שפּרונג איז מישא געוועזן ביי איהר. ווידער האָט ער זי ארומגעהאַלטען מיט זיינע צוויי שטאַרקע הענד :

— עס איז מיין כבוד, מיין אייגענער, נישט פון אידישען פאָלק ! . . . עס איז מיין ווייב, מיין געליעבטע, — מיין כלה האָט מען געשענדעט, — מיין כבוד, מיין אייגענער, פּריוואַטער . . . פּערצעהל, פּערצעהל, איך וועל אַלעס הערען ! . . . לאָזען זיי ברענען די ווערטער, ווי בליי — ווי פּייער שטיקער פליישׁ און נשמה אויסברענען, — פּערצעהל !

— עס איז גאָר ניט געוועזען — קוקט זי איהם שטאַלץ אין די אויגען אריין, — איבער'ן פּיסק האָבען זיי מיך געפּאַטשט, די צייהן האָבען זיי מיר אויסגעקלאַפּט, אָבער גאָר נישט האָבען זיי מיר געקענט טהאָן. זעהסט די ברוסט מיינע — רייסט זי דאָס העמד אויף זיך — זעהסט — דאָס שטיק פליישׁ פעהלט. דעם ביס פון די שאַרפע צייהן האָב איך אויסגעהאַלטען, אָבער נאָכגעגעבען האָב איך נישט. דו זעהסט די שטיקער האָאָר, וואָס פעהלען אויף מיין קאָפּ — צווישען זייערע פינגער זיינען זיי געבליעבען, אָבער מיין לייב האָבען זיי נישט געהאַט. מיט מיינע צייהן האָב איך זיך געוועהרט, קיין מאַכט האָט מיך נישט געקענט פון ד'ערד אויפהויבען. און ווייסטו וואָר עס האָט מיר די קראַפט געגעבען ? — דו, דו. איך האָב דיך געזעהן פאַר די אויגען, ווען איך האָב מיך געראַנגעלט מיט זיי.

ווי אַ קינד האָט זי מישא געגעבען אַ קאָפּ אויף זיינע הענד און צוגעטראָגען זי אויף דעם בעט.

— מישא, געדענק אָן דיין עהרען־וואָרט !

— האָט דאָס מיידעל געשריגען.

— איך וויל נישט געדענקען ! הונדערט עהרען־ווערטער און הונדערט כבוד'ס פאַר דיין ליעבע !

— אויב אזוי, וועל איך דיך אָן דעם דערמאָהנען — זאָגט ראָחעל און האָט זיך אָנגעהויבען צו רייסען פון מישא'ס הענד, געביסען איהם דיא הענד מיט דעם פּנים, אז ער איז געצוואונגען געוועזן באַלד זי אָבצולאָזען.

— אז איך האָב זיך געקענט געגען יענע אָן עצה געבען, וועל איך זיך אויך קענען געגען דיר בעשיצען — זאָגט ראָחעל, בעפרייענדיג זיך פון זיינע הענד.

מישא איז געפאַלען צו דער ערד און איז ליגען געבליעבען אַ מיעדער און אָהנבעוואוסטער . . .

די פרישע, מאָרגענדיגע פריהלינגס־זונן האָט זיי ביידע געטראָפען ליגענדיג אויף דר'ערד מיעדע און שוין שלאָפענדע.

.4
צוויי נשמות

אין אַ פּאָאַר טעג ארום זיינען זיי געפּאָהרען קיין בערלין זעהן זיך מיט מישא'ס עלטערן, וועלכע האָבען, נאָכ'ן פּאָגראָם אין רוסלאַנד, זיך דאָרט אויפגעהאַלטען.

מישא האָט בעשטימט אַראָבצופאָהרען קיין ארץ ישראל און דאָרט פערבלייבען אָן ערד־אַרבייטער.

דעם בעשלוס האָט ער אָנגענומען פּלוצלונג. אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, אז ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז איהם אַלעס מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרען. ער האָט געזעהן זיין וועג פאַר זיך, און דאָס אַראָבפאָהרען קיין ארץ ישראל און דאָרטען ווערען אָן ערד־אַרבייטער איז איהם אויסגעקומען אזוי איינפאַך, אזוי זעלבסטפערשטענדליך אין זיין יעצטיגען מצב, אז ער האָט זיך געוואונדערט, פאַר וואָס האָט ער דאָס נישט געוואוסט פון ערשטען אויגענבליק, אז דאָס איז דער איינציגער וועג, אז נור ביי זיך האָט ער צו זוכען אַ רוה און אַ ציעל אין לעבען, אז ער דאַרף אויס דעם וועג געהן. „אז מען וויל דיך דוקאַ נישט האָבען — געה אוועק“, האָט ער זיך געזאָגט, און אז ער האָט דעם בעשלוס אָנגענומען, איז איהם מיט אמאָל אַ סך זאַכען קלאָהר געוואָרען. ער האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן דעם צוזאַמענהאַנג פון די לעצטע געשעהנישען, נאָך וואָס און צו וואָס די פּאָגראָמען זיינען געוועזן און דאָס אנטלויפען פון זיך. און נאָך אַ זאַך איז איהם קלאָר געוואָרען : פאַר וואָס מען האָט אידען פּיינט. די גרויסע פראַגע : „פאַר וואָס ?“ איז איהם פערענט־

פערט געוואָרען. די פיינדשאַפט צום אידען איז ניט קיין פערביסענע, נור א פעראַכטענדע, ווי מען האָט צו אַן עקשן.

אידען האָבען זיך איינגעשפּאַרט דוקא דאָרט צו פערבלייבען, וואו מען יאָגט זיי, על אפּם ועל חמתם — צווישען די גוים; און אז יענע ווילען נישט?

אידען דאַרפען אויס דעם וועג געהן, — פערקלייבען זיך צו זיך אהיים, אין דעם ווינקעל, אויף וועלכען זיי האָבען היסטאָרישע רעכט. דאַכט זיך, עס איז אַזוי זעלבסטפערשטענדליך, און פאַר וואָס טהוען עס ניט אַלע?

איבריגענס האָט ער יעצט ניט געקלערט וועגען כלל — זיין „איך" האָט איהם פערנומען זיין לעבען. ער האָט געוואָלט יעצט רוהען, לעבען דאָס איינפאַכסטע, רוהיגסטע לעבען. שטודירען איז איהם פער'מיאוס'ט געוואָרען, און דערמאָנענדיג זיך, ווי אידישע סטודענטען יאָגען זיך פון איין אוניווערזיטעט אין די צווייטע און ווילען דוקא ווערן א דאָקטאָר'ל, א אַדוואָקאַט'ל, אָנכאַפּען זיך אָן דעם שטריק פון לעבען און מיטלויפען — איז איהם די בילדונג דערווידער געוואָרען.

איבריגענס האָט ער נישט געקלערט דערפון. ער האָט געוואָלט יעצט רוהיג זיין, קיינעם נישט שטערען און איהם זאָל אויך קיינער נישט שטערען; ער זאָל מיט זיין זיין קיינעם קיין גרויסע נוצען נישט ברענגען, נור פערדיענען זיך זיין שטיקעל ברויט און דאָס געאייגנעטסטע איז איהם געווען — א פעלד־אַרבייטער אין ארץ ישראל. דאָרט אין די שאָטענס פון דער גרויסער פערגאַנגענהייט, וואו יעדעס שטיקעל אָרט טראָגט א היימישען, פערהייליגטען נאָמען—דאָרט וועט ער זיך צום פעסטעסטען און רוהיגסטען פיהלען. געוואוסט האָט ער, אז קיין גרויסער ערד־ארבייטער איז ער נישט, נור ער האָט גערעכענט נישט צו ווערען קיין ערד־ארבייטער אלס אידעאַל, נור אלס פּרנסה פאַר זיך. דורכדעם האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען קיין בערלין איבעררעדען מיט'ן פאָטער, אז ער זאָל איהם ארויסגעבען זיין טהייל נדן. פאַר דעם געלד וועט ער זיך אפשר קויפען א באָיאַרע און זי אליין בעארבייטען. געלעזען האָט ער אין די אידישע צייטונגען, אז מיט א געוויסע סומע געלד קען מען הינטען אַזוי ארום א לעבען מאַכען, ערגעץ וואו נאָהענט ביי א אידישער קאָלאָניע, אין א אידישע סביבה זיך זיינע פּאָאר יאָהר אויסלעבען, פאַר זיך, בעהאַלטען אין דעם שאָטען פון אונבעקאַנטהייט און שטילקייט, וואָס הילט איין די הונדערטער טויזענדער געוועהנליכע „שטערבליכע" — און דאָס האָט ער יעצט געוואָלט.

ער האָט זיין פּלאַן מיטגעטהיילט ראַחעל'ן.

זי האָט עס אויפגענומען גלייכגילטיג און שווייגענדיג, ווי זי האָט אַלעס אויפגענומען צייט נאָך דער שרעקליכער נאַכט, וואָס זיי האָבען ביידע דורכגעלעבט. זעלבסטפערשטענדליך האָבען זיי פון דער דאָזיגער נאַכט נישט נור בלויז קיין וואָרט צווישען זיך געלאָזט פאַלען, נור זיי וואָלטען עס ביידע געוואָלט פון געדעכטנים אויסמעקען — האָט עס ביי זיי ביידע געלעבט נאָך אין דעם זכרון, ווי עס לעבט א ניט־אַנגענעהמער חלום דורכגעלעבט צוזאַמען. אָבער דער אָבמאַך, וואָס זיי האָבען צווישען זיך געשלאָסען, האָט ווי א שטילער תנאי געלעבט צווישען זיי ביידע.

זיי האָבען זיך נישט מעהר געפיהלט, ווי מאַן און ווייב, נור ווי חברים, מעהר נאָך ווי שותפים עפּעס, וואָס זיינען זעהר העפליך איינער מיט דעם צווייטען, אָבער נישט אונאַנגענעהם העפליך. מישאַ האָט זי צייט יענער נאַכט בעשאָנקען מיט גרויסע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אַלעס בעמערקט אין איהר, אין גאַנצען געווען ווי ער וואָלט זיך אַוועקגעשאָנקען פאַר איהר. ער האָט געפּרופט טרעפען אַלע איהרע פערלאַנגען, נישט פרעגענדיג, און געזעהען, אז ער זאָל איהר נישט זיין צודרינגליך. ער האָט דערפיהלט, ווען זי וויל זיין אליין — פלעגט ער אין דער שטיל די שטוב פערלאָזען, איבער וועגען זיך ארומדרעהען שעה'ן־ווייז, כדי איהר לאָזען צייט צו זיין מיט זיך. און פערקעהרט, מיט איהר האָט ער זיך געהיטען צו בענוצען זיך מיט ווערטער, וועלכע זאָלען שמעקען צופיעל מיט פאַמיליאַריטעט.

ער האָט זי געהאַלטען פאַר א הייליגע, וואָס דרעהט זיך אין זיין שטוב ארום און וואָס ער האָט זי געפּייניגט. ער פלעגט דאַן אויסמיידען יעדעס וואָרט, וואָס עס וואָלט איהר אָנגעוואָרפען זיין ליעבע.

נור אַמאָל אין א פאַרנאַכט, ווען זי איז צו שפּעט אין פענסטער געזעסען און עס איז קיהל געווען, האָט ער איהר געזאָגט: „קינד, געה אַוועק פון פענסטער". — און איז פערשעמט געוואָרען פאַר דעם ליעבען שפּרוך און שוין געוואָלט צוריקכאַפּען. זי האָט עס בעמערקט — האָט זיך איבערגעצויגען איבער איהרע שעהנע צייהן א מעלאַנכאָלישער שמייכעל, א שמייכעל, וואָס איז עהנליך געווען צו אַן אויסדרוק מעהר פון צער, ווי פון פרייד.

וואָרים צייט יענע נאַכט האָט זי געשוויגען, זי איז עלטער געוואָרען און געענדערט זיך. דאָס פּנים איהרס איז געווען, ווי דאָס מיידעלשע וואָלט פערגליווערט געוואָרען, ווי א בלום, וואָס איז פערוועלקט געוואָרען פריהצייטיג — אַזאַ טרויער האָט פון די אויגען ארויסגעקוקט, כאָטש דאָס יונגע מויל און די

שעהגע, געשליפענע, ווייסע צייהן האָבען גע־
שמייכעלט קינדיש.

און א שטילקייט האָט זיך אריינגעגעסען
אין איהרע טרויעריגע אויגען אריין, נור איהרע
גליעדער האָבען ווי געזונגען. געהילט אין דעם
טונקעלען זיידענעם טוך פלעגט זי דורך גאַנצע
טעג זיצען ביים אָפענעם פענסטער און ארויס־
קוקען ווי נאָך א הילף, אזוי ווי עס וואָלט ווער
געדאַרפט קומען... און א שטילער געזאַנג
איז געלעגען איבער איהר גלאַטען שייטעל און
איבער איהרע געטאָקטע, פערשלאָפענע, פער־
הילטע גליעדער, נור אז זיי האָבען זיך בע־
וואויגען, זיינען זיי געווען, ווי זיי וואָלטען
זינגען אין שלאָף...

אזוי האָט זי זיך ארומגעדרעהט אין
מישא'ס שטוב, ווי א טרויעריגע פרינצעסין,
וועלכע איז יאָהרען־לאַנג געפייניגט געוואָרען,
געשלאָגען, פערשעמט, אָבער איהר ריינקייט
און איהר עהרע געראַטעט...

און מישא איז איהר ווי א שטילער שאָ־
טען נאָכגעגאַנגען, מורא האָבענדיג, אז ער זאָל
איהר די פים נישט אָבטרעטען מיט זיין שאָ־
טען־ליכט... אזוי זיינען זיי ביידע פער־
פרעמדט און פערליעבט, ווי צוויי שטילע גייס־
טער, איבער די וועלט געגאַנגען.

.5

די אַנטלאָפענע פון פאָגראָם.

אין איינעם פון די גרויסע קאַפע־הייזער
אין בערלין, אויף דער פריעדריך שטראַסע, האָ־
בען זיך צונויפגעקליבען אַלע פליטים פון אַלע
עקען רוסלאַנד, וואָס זיינען געלאָפען פון די
רוסישע פּאָגראָמען.

עס זיינען דאָ געווען פערמעגליכע און
רייכע אידען, וועלכע האָבען געלאָזט די פער־
מעגענס אין דער היים, אויף גאָט'ס חסד און
אויף פרעמדע מענשענס הענד, און האָבען זיך
אליין געראַטעוועט אין דער דייטשער שטאָדט,
וואו זיי האָבען פאר זייער זיכערהייט בעצאָהלט
מיט די גרויסע סומען אין די האָטעלען, רעסטאָ־
ראַנען און געשעפטען. מעהרסטענטיילס אי־
דען־סוחרים, וואָס מען האָט זיי אָבגעריסען
פון זייערע געשעפטען — האָבען זיי זיך דאָ,
אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָדט, ארומגע־
דרעהט פוסט און פּאַס, חוזק געמאַכט איינער
פון צווייטען און געוואַרט אויף א גוטע נאָכ־
ריכט פון דער היים...

די דייטשען האָבען געקוקט אויף זיי מיט
פעראַכטונג און חוזק, ווי אויף שוצלאָזע רו־
סישע עמיגראַנטען, וואָס זייער פאָטערלאַנד
שפּייט זיי אויס. אָט דאָס זיינען זיי עס, די
אונרוהיגע רוסען, די וואָס מאַכען רעוואָלוציע,
פון וועלכע זיי האָבען אין די צייטונגען גע־
לעזען!... און וויפיעל די רייכע אידען און
די פעטע אידישע ווייבער האָבען ניט געפרופט
איינצוקויפען זיך ביי דער דיענערשאַפט אין די
האָטעלען און די רעסטאָראַנען, האָבען זיי אַלץ
נישט געקראָגען פון זיי נישט נור קיין כבוד,
נור אויך קיין גוטע בעדיענונג פאר געלד: וואָס
זיי האָבען געלאָזט גרעסערע סומען לעצט־געלד
און טרינק־געלד — האָבען זיי נור געהאָלפען
קאַליע צו מאַכען די דיענערשאַפט, וועלכע האָ־
בען דאָך געקוקט אויף זיי מיט דערזעלבער פער־
אַכטונג, ווי זיי קוקען אויף די אָרימע אידי־
שע עמיגראַנטען, ווי היימישע, איינגעזעסענע
בירגער קוקען אויף ארויסגעיאָגטע, וואַנדערנ־
דע ציגיינער־משפחות.

נאָך זיי, ווי נאָך פגרים, האָבען זיך מיט־
געשלעפּט א מחנה שוואַרצע פויגעל. זיי האָ־
בען מיטגעשלעפט מיט זיך, ווי אומעטום, וואו
רייכע אידען קומען, מעקלערס, שדכנים און
דאָקטוירים־מעקלערלעך, וועלכע האָבען די ריי־
כע אידען געוואָלט אויספילען זייער לאַנגווייל־
גע צייט.

אומעטום, וואו אידען קומען, קומט דער
האַנדעל — האָבען די מעקלערס דערווייל פער־
קויפט איינעמס וואַלד צום צווייטען, איינעמס
פאַבריק צום צווייטען, כאָטש עס איז קיינער
נישט זיכער געווען, אז דער וואַלד אָדער די
פאַבריק געהערט נאָך דעם אמת'ן אייגענטהי־
מער.

די שדכנים האָבען דערווייל די קינדער
משדך געווען מיטאיינאַנדער, און די דאָקטוי־
רים־מעקלערלעך האָבען אויסגעזוכט ביי די
רייכע אידען און די פעטע ווייבער וואו נור א
פערשלעפערטע קרענק — א לאַנג־פערשלאָפע־
נעם לעבער־וועהטאָג, אן אַלטע חלאת'ל, און האָ־
בען זיי ארומגעשלעפּט צו די בערלינער אידישע
פּראָפעסאָרען, וועלכע האָבען זיך זעהר גע־
וואונדערט: „די יודען אין רוסלאַנד, די געהט
דאָך גאַנץ גוט!“

עס איז נאָך געווען צו פריה צו פאָהרען
אין די פערשיעדענע בעדער, וואוהין די דאָק־
טוירים האָבען זיי צושיקט — האָבען זיי זיך
אין די בערלינער גאַסען ארומגעדרעהט און
זיינען אַלעמען אויפגעפאַלען מיט זייער הויך
רוסיש רעדען און שטאַרקע הענד־בעוועגונגען.

נור רייך זיינען זיי געווען און פיעל געלד
דער שטאָדט צו לייזען געגעבען — האָט די
פּאָליציי די רייכע געלאָזט בלייבען און די אָרי־
מע ארויסגעשיקט.

אין אבענד זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען
אין דעם קאַפעהויז אויף דער פריעדריך־שטראַ־
סע, פון וואַנען זיי האָבען שוין געהאַט אַלע
דייטשען פעריאָגט מיט זייער הויך רעדען. אין
דעם קאַפע־הויז איז געווען די בירזע, — דאָ
האָבען זיך געטראָפען וואָס א מאָל מעהר בע־
קאַנטע אידען פון פערשיעדענע געגענדען אין
רוסלאַנד און דאָ אַלע געשעפטען געמאַכט. די
שדכנים האָבען געשלעפּט די חתנים פון איין

טישעל צום צװײטען זעהען זיך מיט די כלות, די מעקלערס האָבען צוזאַמענגעפיהרט די סוחרים, און די דאָקטוירים׳לעם מיט די ציליגדער־היט און די שװאַרצע בעװאַקסענע בערד — א לאַ הערצעל — האָבען רעדעל געפיהרט צװישען די דיקע װײבער. און אַלע האָבען געלעבט אין איין אַנגסט־שרעק: װאָס הערט זיך אין דער היים, און געלױשט מיט ציטערענדע הערצער די ידיעות פון דער היים, װאָס בעקאַנטע האָבען מיטגעבראַכט, װאָס די צייטונגען האָבען מיטגעטיילט.

און איין בראָך איז גרעסער געװען װי דער צװייטער. יעדעס מאָל איז דאָס פייער אין אַן אַנדער שטאָדט אויסגעבראָכען. מיט יעדען טאָג זיינען פרישע אנטלאָפענע אָנגעקומען פון נייע שטעדט, װאו דאָס אומגליק האָט אויסגעבראָכען. אַלע האָטעלען זיינען פול געװאָרען מיט זיי, און דאָס קאַפע־הויז איז יעדען אבענד ענגער געװאָרען פון די אָנגעפאָהרענע געסט.

די אידען, די רייכע סוחרים, געװעהנט צו האַנדעל און װאַנדעל — האָבען זיך געלאַנגװיילינט, גאָרנישט צו טהאָן האָבענדיג; די װײבער האָבען זיך געהיילט ביי די פּראָפעסאָרען, און די קינדער זייערע האָבען זיך משדך געװען איינס מיט׳ן צװייטען. און די דייטשענקעלנערס האָבען געקוקט אויף זיי װי אויף אנטלאָפענע, ארויסגעיאָגטע, און זיי האָבען זיך געקויפט זייער אכטונג מיט די רייכע טהעעגעלדער. און די פּאָליציי האָט זיי געשלעפּט יעדען פריהמאָרגען אין די צירקלען און נאָכגעפרעגט זיך אויף זייער פערמעגענס, אויף זייערע איינקינפטע, אויב זיי קענען געננג געלד אויסגעבען אין דער רייכער שטאָדט, אז זי זאָל זיי דאָ לאָזען פערװיילען.

אין דעם מצב, צװישען דער סביבה, האָט מישאַ געטראָפען זיינע עלטערן אין בערלין. זיי האָבען געװאױנט אינאיינעם מיט׳ן פעטער ר׳ היים און די מוהמע, מערי׳ס עלטערן, און אויך מערי (נאָך װעלכער דער פאָטער איז געפאָהרען און געבראַכט פון פּעטערבורג) אין איין האָטעל, און האָבען װי אַנדערע אידען זייער גלייכען אין די גאַסען זיך ארומגעדרעהט, אין די מאַגאַזינען געמאַכט איינקױפען. די װײבער האָבען זיך געדאָקטערט, און די שדכנים האָבען זיי אַלע נאַכט אין קאַפע געשלעפּט צו בעגעגענען זיך מיט די חתנים, װעלכע מען האָט גערעדט סאָניע׳ן, מישאַ׳ס שװעסטער, און מערי׳ן. ר׳ ליזער, מישאַ׳ס פאָטער, האָט געהערט פון זיין זוהנ׳ס חתונה האָבען מיט לייזעראָװיטשעס טאָכטער און האָט זיך נישט געמאַכט װיסען דערפון. עס האָט ביי איהם, װי ביי מערי׳ס פאָטער, אויסגעזעהען װי א געלעכטער, װי א דערװייל, װאָס פאַלט פאָר אין די אונרוהיגע טעג; און װען די בעזע צייט װעט איבערגעהן, װעלען די אַלע נאַרישקייטען דורכגעהען. א שלעכטער חלום איז עס און א װעלט קען דאָך ניט לעבען א לאַנגע צייט אין א שלעכטען חלום. מישאַ האָט פערשטאַנען דאָס פערהאַלטען זיך פון זיינע עלטערן צו זיין חתונה האָבען. דורכדעם איז ער נישט פערפאָהרען מיט ראַחעל׳ן אין דעם האָטעל, װאו זיינע עלטערן װאױנען, נור זיך בעזעצט, לױט א בעקאַנטע אדרעס, אין א ביליגען סטודענטען־פּאַנסיאָן, אין שאַרלאָטענבורג, און אליין איז ער צו די עלטערן אהין געגאַנגען.

— אַה, מישאַ! גיב נור א קוק װאָס פאַר א גאַסט מיר האָבען! — האָט דער פאָטער אריינגעשריען אין שלאָף־שטוב אריין, צו דער מוטער, װען מישאַ איז אין נומער אריין.

די מוטער איז אויף איהם ארויף מיט א געװיין און פרייד: „געלויבט צו גאָט! אך, טייערינקער דו, מישאַ, מישאַ...“

— װאו האָסטו די זאַכען? װען ביזטו געקומען? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— איך בין מיט מיין װײב געקומען. מיר זיינען פערפאָהרען אויף שאַרלאָטענבורג — דערצעהלט מישאַ.

— מיט דיין װײב? — האָסט גאָר חתונה געהאַט? — װאונדערט זיך דער פאָטער, װי ער װאָלט דאָס נייעס צום ערשטען מאָל געהערט,— מזל טוב!

די מוטער איז ארוים מיט א שטראָם טרעהרען און געװאונקען צום פאָטער, ער זאָל שװייגען.

דער פאָטער האָט זיך אָבער ניט געקענט בערוהיגען.

— אזוי, קומט אונז דאָך גאָר א מזל טוב, רעגינאַ, — רופט ער צום װײב.

— יאָ, מזל טוב דיר! — שמייכעלט מישאַ.

— װאָלסט מיך כאָטש אויך געװען פערבעטען, א חתונה־קאַרטעל געװען געשיקט, אלץ קומט דאָך מיר אויף דער חתונה זיין — שמייכעלט דער פאָטער איראָניש — שאַ, װער איז מיין מחותן? מיט װעמען האָב איך זיך דאָס משדך געװען? — פרעגט דער פאָטער.

— מיין װײב איז דר. לייזעראָװיטשעס טאָכטער. געפעלט דיר נישט דער מחותן? — מיר יאָ — האָט מישאַ אָבגעענטפערט קורץ.

דער פאָטער האָט געװאָלט עפּעס זאָגען, נור דאָס װײב איז צו צו איהם: „לייזער, שװייג! אז נישט געה איך אוים דער שטוב“. און זי איז צו צו מישאַ׳ן, איהם ארומגענומען דעם קאָפּ, װי מען נעהמט ארום א קליין קינד און אָנגעהויבען איהם צו בעגיסען מיט טרערען און גענלעט, װי מען גלעט א קליין קראַנק קינד: „מישענקע, מיין טייערער!...“

מישאַ האָט זיך ארויסגעמאַכט פון דער מוטער׳ס הענד. איהם האָט דער מוטער׳ס גלעטען נאָך ערגער געקרענקט, װי דעם פאָטער׳ס

ווערטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, פערביסען די ליפּען.

פון דענסטמאָל אָן האָט מען מישאַ'ס חתונה פערשוויגען אין הויז, און קיינער האָט זי מעהר נישט דערמאָהנט מיט קיין וואָרט.

6.

אין קאַפּע מאַנאַפּאַל.

עס איז אריינגעקומען פון צווייטען נומער דער פעטער ר' חיים און האָט זיך מיט מישאַ'ן געגריסט, ווי זיי וואָלטען זיך גאָר נישט גע־טראָפען אין אַ פרעמדער שטאָדט, מיט דער־זעלבער פלעגמע און גלייכגילטיגקייט, ווי מישאַ וואָלט אריין צו איהם ביי זיי אין שטעדטעל.

עס איז שוין געוואָרען נאַכט און עס איז אָנגעקומען סאָניאַ מיט מערי'ן פון גאַס, וואו זיי האָבען גאַנצע טעג פערבראַכט אין די מאַ־גאַזינען.

מישאַ האָט סאָניאַ'ן נישט דערקענט — זי איז העכער געוואַקסען, ברייטער געוואָרען און זי האָט איהם אויסגעזעהן, ווי אַ גאַנצע דאַמע. אויך איז זי אַנדערש געווען נעקליידעט, שוין דאַמען־אַרטיג — אין אַ זעהר לאַנגע קלייד, מיט אַ גרויסען, ברייטען קאַפּעלוש.

זי האָט איהם בעגריסט, ווי איהר שטייגער, מיט גרויס בעגייסטערונג און פרייד און גע־וואָלט אין איין מינוט געוואָהר ווערען, וואָס עס הערט זיך מיט איהם, און ווי שטעהט די „אַר־בייט" אין דער היים, (זי האָט זיך נאָך ניט געהאַט פערגעסען אָן דער „אַרבייט") און אויב עס איז וואָהר, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט ראַחעל'ן, און וואָס עס מאַכט איהר שוועגערין. מישאַ האָט איהר געגעבען אָנצוהערען מיט מינע און רייד, אַז ער וויל מיט איהר וועגען אַלסדינג רעדען, נור ניט וועגען ראַחעל'ן. נור זי האָט אויך ניט קיין צייט געהאַט פיעל צו רעדען, וואָרום זי האָט זיך געאיילט אין טהעאַטער אריין מיט מערי'ן און איהר חתן (מערי איז שוין אַ כלה געוואָרען), עפּעס אויף זעהר אָן אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג, וואו זי האָט מיט גרויסע שוועריגקייטען געקראָגען בילעטען. מערי'ן האָט מישאַ נאָך נישט געזעהן. זי איז אריין צו זיך אין נומער און געאיילט זיך אי־בערצוטהאָן אין טהעאַטער. די מיידלעך האָ־בען זיך איבערגעטהאָן און זיינען אַוועק. מערי האָט זיך ניט געוויזען, ער האָט נור געהערט איהר שטימע, ווי זי האָט גערופען הינטער דער טהיר סאָניאַ'ן, אויב זי איז שוין פערטיג און באַין אופן נישט געוואָלט אין נומער אריין.

אַז די מיידלעך זיינען אַוועק, איז מישאַ מיט די עלטערן אַוועק אין קאַפּע־הויז, וואו זיי האָבען זיך געזאָלט באַגעגענען מיט דעם יונגען מאַן, וואָס מען האָט גערעדט סאָניאַ'ן.

מישאַ האָט געוואָלט אַהיים געהן, אָבער ער האָט נאָך געוואָלט היינט רעדען מיט דעם פּאַטער וועגען זיין רייזע קיין ארץ ישראל — איז ער מיט אין קאַפּע אריין.

דאָס קאַפּע איז שוין געווען איבערפילט. דער גרויסער, ליכטיגער זאַל איז פערהילט גע־ווען אין אַ וואָלקען רויך פון פּאַפּיראָסען און פערנומען געווען אין אַ זשומען און בעוועגעריי, ווי אין אַ ביהנשטאָק. מיט צרות האָבען זיי געקריגען אַ טישעל אין אַ ווינקעל און איינינגע מאָל ארויף און אראָב זיך געדרעהט איבער דעם סאַלאָן, זוכענדיג אָן אָרט, און זיינען געוועזען אויסגעשטעלט פאַר די בליקען פון די אויסגע־זעצטע געסט, וועלכע האָבען יעדען אריינקומענ־דען אויפגעגעסען מיט די אויגען און בערעדט מיט די מיילער. עס האָט זיך באַלד צו זיי צוגעזעצט אַ ברייטע, דיקע אידענע, מיט איין אויג און אַ גרויסען קאַפּעלוש און אָנגעהויבען צו רעדען חכמות מיט גמרא־ווערטלעך גע־מישט, ווי אַ מאַנספּאַרשוין. דאָס איז געווען איינע פון די שדכנ'טעס, וואָס האָבען זיך, ווי די קאַפּע־מייז, תמיד ארומגעדרעהט אין קאַפּע. באַלד איז אויך אָנגעקומען דער דאָקטאָר זיל־בערשטיין מיט דער שוואַרצער הערצעל'ישער באָרד און צילינדער־הוט, וועלכער האָט ר' חיים'ען און מישאַ'ס מוטער ארומגעפיהרט צו די בערלינער פּראָפעסאָרען.

די שדכנ'טע מיט דעם דאָקטאָר זיינען גע־ווען אַ שותפות־פּאָאַר. די שדכנ'טע האָט בע־דאַרפט דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל קומען צום טישעל, וואו זי פיהרט צו אַ חתן, כדי דער דאָק־טאָר, וועלכער איז געווען אַ געשיקטער יונג, אַ פּיסק געהאַט און געקענט די געזעלשאַפט אונטערהאַלטען, — זאָל לעבעדיג מאַכען ביים טישעל און אריינציהען דעם חתן אין אַ גע־שפּרעך, אַז ער זאָל געפעלען. דערפאַר האָט איהם די שדכנ'טע רעקאָמענדירט פאַר די געסט פאַר וועמען זי האָט „געאַרבייט", אַלס אַן „איין־און אויסגעהער ביי די היגע פּראָפעסאָ־רען". דורכדעם פלעגט מען דאָס פּאָאַר'ל טרע־פען זיצען תמיד ביי אַ טישעל, און וואו די ביי־דע זיינען געזעסען, דאָרט האָט געשמעקט מיט אַ שדוך...

דאָס געשפּרעך האָט זיך געדרעהט ארום ארץ ישראל, וועגען וועלכען מישאַ האָט גערעדט מיט'ן פּאַטער אויפ'ן וועג. דער פּאַטער, וועל־כער האָט זיין פּלאַן וועגען ארץ ישראל געהאַט אויסגעהערט שווייגענדיג — האָט זיך ערשט יעצט ביים טישעל, וואו דער עולם איז ארום געזעסען, געווענדעט צו מישאַ'ן:

— און וואָס וועט זיין דער סוף, וועסט אָן ערד־אַרבייטער ווערען אין ארץ ישראל? און צו דעם האָב איך מיך אַזוי פיעל קאָסטען געלאָזט, אין די שקאָלעס געשיקט! — האָט ער געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

מישאַ'ן האָט דאָס פּנים געפּלאַמט פאַר בושה. דאָ, ביים טיש, צווישען די פרעמדע

מענשען, וואָס זיינען איהם דערווידער, רעדט דער פאָטער מיט איהם וועגען זיינע הייליגסטע געפיהלען... ער האָט פערשוויגען, געוואָלט אנטלויפען פון טיש, איינגעהאַלטען זיך — מורא געהאַט, אז די אינגלישקייט, ווי ער האָט אנגערופען דאָס, וואָס ער מוז אָנקומען צום פאָטער, זאָל נישט נאָך מעהר פערשטאַרקט ווערען מיט דעם, וואָס ער וועט אנטלויפען, — האָט ער ביטער געשמייכעלט און די ברילען זיך אראָבגענומען און אָנגעטהאָן זיי צוריק.

די געזעלשאַפט האָט עס בעמערקט, און מען האָט געוואָלט אָבפיהרען דעם געשפּרעך — האָט זיך די אידענע, די שדכנ'טע, אָנגערופען מיט א העברעאיש וואָרט — געוואָלט אימפּאָנירען:

— ארץ ישראל—ארץ זבת חלב ודבש, ווי אין פסוק שטעהט.—דער דאָקטאָר, וועלכער איז געווען א ציוניסט, געטראָגען די באָרד געשאָרען ווי הערצעל און געהאַלטען זיך פאַר א גאַנצען מאַכער ביי די ציוניסטען, האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט גרויס בעגייסטערונג וועגען דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל, די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען, און האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען בסוד איינינע וויכטיגע פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, פון וועלכע עס וועט גרויס ישועה ארויסקומען פאַר'ן כלל ישראל. דער עולם ארום האָט געשלונגען זיינע ווערטער מיט בעגייסטערונג. עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו־רוקען צו זייער טישעל בענקלעך און מען האָט זיך צוגעהערט צום דאָקטאָר'ס געשפּרעך, ווי ער מאָלט אויס אן ארץ ישראל, מיט א אידישע רעגיערונג, מיט אידישע פּאָסאָלען, אז עס האָבען זיך פייערלעך אָנגעצונדען ביי אידען אין די אויגען. און א איד, א בעקאַנטער סוחר, וואָס האָט זיך צום טישעל צוגעזעצט, האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס־זשע מיינט איהר, ווען אידען גיבען זיך טאַקע אזוי א נעהם און גיבען א פאָהר אראָב קיין ארץ ישראל מיט דעם ביסעלע קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבען, מיט דער ביסעלע ענערגיע און קאָמערץ!... וואָרום דער עיקר היינט אין לאַנד איז קאָמערץ, און אידען זיינען א קאָמערץ־פאָלק.

— ווער וועט דיר די ערד בעאַרבייטען? א לאַנד בעדאַרף דאָך אן ערד־ארבייטער, א פּויער — וועלכער איד וועט דיר דאָס וועלען ווערען א פּויער? — פרעגט א צווייטער.

— צו וואָס די ערד ארבייטען? — אראַבער וועלען מיר דינגען. עס זיינען דאָך דאָ אראַבער. זאָלען זיי בעאַרבייטען די ערד, מיר וועלען זיי געבען צו פערדיענען געלד, פיעל געלד. מיר, אידען, זיינען א קאָמערץ־פאָלק, מוזען זיך פערנעהמען מיט קאָמערץ; ערד אָבקויפען, זיין די שררות.

— און מיט וואָס וועסטו דאָרטען האַנדלען, מיט תפילין־בייטעלעך, מיט ארץ ישראל־ערד? וואו וועסטו נעהמען א זאַוואָדעל, א צוקער־פאַבריקעל, א נאַפט־קוואַל? אָדער אפשר גאָר פאָהרען קיין מאָסקווע, קיין ניזשנע צו מאָראָזאָוו'ען נאָך א שטיקעל סחורה?

— וואָס רעדט איהר, עס איז אן ארץ זבת חלב ודבש, אלעס איז דאָרט דאָ, אַלעס! א פעט לאַנד. דערצעהלט איהם, הערר זילבערשטיין, דערצעהלט איהם! אן ארץ זבת חלב ודבש, אַלעס איז דאָ, אַלעס איז דאָ. זאָגט איהם, רב איד, איהר ווייסט דאָך יא! — האָט זיך דער איד געבעטען ביים דאָקטאָר, מיט טרערען אין די אויגען, וואָס מען מאַכט אזוי אוועק זיין ארץ ישראל פון אונטער־דער־האַנד.

דער דאָקטאָר האָט טאַקע גענומען דערצעהלען, וואָס ארץ־ישראל איז אַזעלכעס, וואָס פאַר אַ אוצרות עס זיינען דאָרט אין דער ערד בעהאַלטען. און אַלעס געזאָגט אַזוי פּינקטליך, וויפיעל פוד קופּער, מעש און אייזען עס געפינט זיך אין דעם באַרג, אין יענעם באַרג. די וואַסערען זיינען פול מיט פיש, און ביי טבריה ווייזט זיך נאַפט, — און אלעס אַזוי פּינקטליך און גענוי, ווי ער וואָלט דאָרט אונטען געווען און אלעס אַליין אויסגעוואויגען און אויסגעמאָסטען, — אַז דאָס פייעריל אין די אויגען האָט זיך ביי די אידען געשטאַרקט מעהר צו די געשעפטלעך, וואָס לאָזען זיך אונטען מאַכען, איידער צו ארץ־ישראל.

— דארפסטו דיר אַ פאָניע־לאַנד, אויף טויט־אַנגסט צו זיצען און פאָגראָמען דורכצולעבען, אַז דו האָסט דיר אַזאַ שמאַלץ־גרוב, — זאָגט אַ איד מיט אַ קרעכץ.

— און מיט די אראַבער וועלען מיר גאָר נישט דארפען מלחמה האַלטען. זיי וועלען איינזעהען, אז עס איז פאַר זיי גלייכער, אַז מיר זאָלען זיין די בעלי־בתים. מיר זיינען אַ קאָמערץ־פאָלק, מיר וועלען זיי צו פערדיענען געבען; מיר וועלען ביי זיי די ערד אָבקויפען פאַר אַ סך געלד, זיי וועלען גוט פערדיענען. מיר דאַרפען גאָרניט קיין מלחמה פיהרען מיט זיי. — זאָגט אַ איד פון דער זייט.

— אין דער ערשטער צייט וועט מען דאַרפען אַ מלך האָבען, נישט קיין רעפּובליק. א רעפּובליק — דערנאָך, נור די ערשטע צייט — אַ מלך, אַ ראָטשילד, למשל. נישט־קשה, ער איז ניט קיין קלענערער בעל־יחוס פון די גוים. מען בעדאַרף בעציהונגען האָבען מיט די הויפען, מען דאַרף א אידישע אַריסטאָקראַטיע, א טיטעל, אַ אידישען טיטעל אַרויסגעבען, — דורכדעם מוז מען די ערשטע צייט אַ מלך האָבען — פאַנטאַזירט אַ דריטער איד פון אַ ווינקעל ארויס.

מישאַ איז געזעסען די גאַנצע צייט און געשוויגען. יעדעס וואָרט, וואָס די אידען האָבען גערעדט, האָט איהם בעליידיגט. זייער

גלייכגילטיגקייט צו זייער לאַגע, דער ציניזם, מיט וועלכען זיי מעסטען אוים דאָס רייכקייט פון ארץ ישראל, אויב עס לוינט זיך אונטען געשעפט צו מאַכען; געשעפטען מאַכען — און די ערד זאָלען די גוים בעארבייטען, און דאָס אַ טאָג נאָכ'ן פּאָגראָם, וואו מען האָט זייער נאַקעטע שוואַכקייט, זייער יתום'דיגקייט און הפקר'קייט פאַר דעם פּנים פון דער גאַנצער וועלט געוויזען! . . . ער האָט זיך אומגעקוקט אין זאַל און געזעהען די פיעלע טישלעך מיט די פּליטים — אידען בעלי־בתים, גבירים, וואָס לאָזען בילדען זייערע קינדער אין אַלע שפּראַכען און צושיקען זיי איבער אַלע אוניווערזיטעטען, פערוועלטיגען מיט רוסלאַנד'ס רייכקייט, זיינען געקומען דאָ צוזאמען צו לויפען פון אַלע ווינקלען פון רוסלאַנד, אנטלויפען ווי די הינד פאַר דער געפאַהר פון זייער לעבען, פון שענדען זייערע ווייבער און זייערע טעכטער און שלעפּען זיך אַרום ווי די לעדיגגעהערס, ווי די אַקטיאָרען און שרייבערלעך איבער די קאַפעס פון דער גרויסער שטאָדט; די קעלנערס מאַכען פון זיי חוזק, און זיי זיצען און שאַצען דאָ אָב, ביים טישעל אין קאפע, די ווערטה פון זייער היסטאָריש פאטערלאַנד, וואָס איז געוואָרען זייער אמונה — אויב עס האָט גענוג רייכקייט דאָרט געשעפט צו מאַכען . . . ווער זיינען זיי דאָס — אָט די קופּע מענשען, וואָס ווערען אויסגעלאַכט און געיאָגט פון דער גאַנצער וועלט? — ווער זיינען זיי דאָס? אָט די שעהנע פּנים'ער מיט די לאַנגע שוואַרצע בערד, און די פעטע ווייבער, וואָס זיצען נעבען זיי, אָנגעטהאָן אין די שעהנסטע, מאָדערנסטע קליידער. דאָס ציערונג פינקעלט אראָב פון זיי — פּעריל און בריליאַנטען; זיי רעדען אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און ווייסען אַלע אייראָפּעאישע חכמות; זעהען אוים ווי אייראָפּעער, ווי ציוויליזירטע מענשען — און שוצלאָז ווי די ציגיינער; אין זייער הארץ איז נישטאָ קיין אמונה, קיין ברעקעל ליעבע צו קיינעם ניט און צו גאָרנישט, — ווער זיינען זיי דאָס? און איבער וואָס ליידען זיי? וואָס איז זייער אידעאַל? אין וועמעס נאָמען שטעהען זיי צרות אוים?

און זיין פאָלק איז איהם געוואָרען אונפערשטענדליך, ווי אַ גרוים רעטעניש. ער האָט ניט געוואוסט, ווער זיינען דאָס די אידען, און צו וועמען געהערט ער, — און געפיהלט זיך איינער, איינער אַליין אין דער גרויסער, פרעמדער וועלט.

.7

אַ גרוס פון געוועזענע צייטען....

ער איז געזעסען די אויגען אריינגעווענדעט אין זיך — און געפיהלט זיך פרעמד, ווייט פון דעם אַלעמען, וואָס רינגעלט איהם אַרום — איינער אליין.

ער האָט יעצט געהאַט אַ פאַנצער פאַר אַלעם וואָס קען איהם טרעפען — דאָס איז זיין אידעאַל צו זיין אין ארץ ישראל און דאָרטען מיט ראַהעל'ן עטוואָס צו ווערען.

ער האָט זיך געזעהען ווי זייביידע וואָהנען ערגעץ־וואו הינטער אַ אידישער קאָלאָניע; ער בעארבייט מיט אראַבער, מיט אידישע פּויערים זיין טהייל לאַנד, און ראַחעל דרעהט זיך אין זיין שטוב אַרום. קיינער קען זיי נישט, ווייס פון זיי נישט, און זיי נישט פון קיינעם. אָט דער אידעאל האָט איהם בעשיצט פון אַלעם. און איז ער נור געוועזן אין אַן אונאַנגענעמע סיטואַציע, ווי יעצט, אין דער פרעמדער סביבה, האָט ער נור בעדאַרפט די אויגען צו מאַכען און צו טרוימען פון זיין צוקונפט.

ער האָט דאָס יעצט געטהאָן. נור עס וועקט איהם אַ בעצאַגטע, אַלט־געליעבטע שטימע. זיין האַרץ ערציטערט.

— אַך, מישאַ, קאַק פּאָזשיוואיעש?

ער קוקט זיך אום און דערזעהט פאַר זיך מערי'ן, וועלכע איז אריינגעקומען מיט איהר חתן, זיין מוטער און סאָניע פון טהעאַטער. ער האָט זי נישט דערקענט. זי איז דורך דער צייט עלטער געוואָרען און געענדערט, און קליידט זיך אַנדערש — דאַמען־אַרטיג און עס בלישצעט פון איהר אראָב מיט ציערונג.

ער האָט, ווי תמיד, פערלעגען געשמייכעלט, און זי האָט איהם פאָרגעשטעלט מיט אַ גלייכגילטיגע מינע, אָבער דאָך מיט אַן עקשנות'דיג געלעכטערעל איהר חתן, ה' אדלער פון קיעוו, אַ זעהר עלעגאַנטער יונגער־מאַן — די פּעריל־קנעפּ האָבען איהם אַרויסגעשיינט פון העמד. — דער חתן איז געוועזן אַ שטילער מיט אַ גוט שמייכעלע אויף זיינע געגאָלטע ליפּען און איז, זעהט זיך אוים, געוועזן שטאַרק פערליעבט אין זיין כלה, געקוקט איהר מיט גרוים ליעבע אין די אויגען אריין און פאַר קיינעם זיך נישט זשענירט.

די כלה האָט אָבער ווייניג אַכט געלעגט אויף איהם, האָט זיך צוגעזעצט צו מישאַ'ן און זיך זעהר געפרעהט מיט איהם. — „ווי געהט עס? און וואָס רעכענט ער צו טהאָן?... מיט איהר ווייס זי נאָך נישט וואָס דער סוף וועט זיין. זי לעבט ווי אין חלום, ווי אין אַ טומאַן, אָהן אַ מאָרגען“. און זאָגט דאָס אין חתן'ס געגענוואַרט, הויך, אַז אַלע זאָלען הערען.

דער חתן איז אַזש רויט געוואָרען און געפרעגט אַ פראַגע זיין מחותן, ר' חיים. נור באַלד האָט די גראָבע שדכנ'טע, מאַדאַם זאַנדבערג, צוגעפיהרט דעם יונגען־מאַן, וואָס האָט זיך גע'שדכנ'ט צו סאָניען. עס איז געוועזן אַ הויכער, שטאַרקער יונגער־מאַן, ווי אַן אַטלעט, מיט

אַ פּאָר הענד און פיס, אַז ער וואָלט אַלע גע־קענט דאָ צולעגן, — ה' אַטלאַס פון אדעס. און דער ה' אַטלאַס פון אדעס, אין זיין צו קורצען סמאָקינג און ארבעל (אַלעס האָט גע־פּלאַצט אויף איהם פון דיקקייט), האָט געהאַט אַזאַ נאַאיוו, אַזאַ פערשעהמט, אַזאַ חתנ'דיג מינעלע, אַז עס איז אַ רחמנות און אַ שאַנדע געוועזן צוצוזעהן: אַזאַ שטאַרקער יונג, אַזעלכע פּאָאר הענד און פיס — און אַזאַ פערשעמט, חתנ'דיג מינעלע פון נישט קענען צוויי צעהלען. דער דאָקטאָר האָט באַלד דעם חתן אריינגעצויגען אין אַ געשפּרעך וועגען בעקאַנטע אין אדעס, וואָס דער דאָקטאָר האָט דאָרט געקענט אַ וועלט מיט אידען, (ער האָט איבערהויפּט גע־קענט די גאַנצע וועלט) און וועגען דעם, מיט וואָס ער האַנדעלט. „דער פאַרשטעהער פון „נעסטלע־מעהל“? יאַ, „נעסטלע־מעהל“ איז די בעסטע שפּייזונג נישט נור בלויז פאַר קינ־דער, נור אויך פאַר דערוואַקסענע, און דורך דער צייט פון זיין לאַנגע פּראַקטיק האָט זיך דאָס „נעסטלע־מעהל“ ארויסגעוויזען אַלס די בעסטע שפּייז. און סען־ראַפאַעל־וויין איז זעהר גוט פאַר'ן מאָגען“—אויך אַ פאַרשטעהער פון סען־ראַפאַעל־וויין.

אין אַ ווינקעל איז דערהוויל געזעסען מי־שאַ און מערי. און מערי איז גאָר היינט אַנ־דערש ווי אַלע מאָל. זי איז טרויעריגער און רעדט צו מישאַ'ן מיט פערטרויען, ווי צו אַן אַלטען גוטען פריינד.

— איך וויים, אַז איך בין נישט גוט גע־וועזען צו דיר. זיי מיר מוחל, מישאַ. דאָס לע־בען האָט נקמה גענומען אָן מיר — קרעכצט זי, און זי וויל איהם האָבען פאַר אַ גוטען פריינד; זי איז אַליין און האָט נישט קיינעם קיין וואָרט צו פערטרויען און נור ער האָט זי פערשטאַנען.

און מישאַ וואונדערט זיך, וואָס די ווער־טער מאַכען אויף איהם נישט קיין איינדרוק, וואָס איבערהויפּט איז ער אַזוי רוהיג. און דאָס איז די מערי, וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי גע־ליעבט . . . אַזוי געבענקט און נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געטרויערט? און אָט זיצט זי פאַר איהם און רעדט מיט איהם און עס איז איהם אַזוי אַלץ איינס, עס איז איהם אַזוי אַלץ איינס . . . און דער חתן, דער אידישער יונ־גערמאַן, מיט די פיינע פּערל־קנעפּ אין העמד, מיט די עדעלע הענד — קוקט אויף זיי, און אַ קנאה ליעגט אין זיינע שטילע אויגען. אי־בערהויפּט זעהט זיך אויס דער יונגערמאַן צו זיין זעהר אַן עדעלער און פון אַן עדעלער פאַ־מיליע, און ער קוקט אויף זיי מיט אַ פערליעב־טע מינע און קנאה אין די אויגען. ער איז פער ליעבט, זעהט זיך אויס, אין זיין כלה איבער די אויערן.

און מערי פערטרויט מישאַ'ן, אַז איהר שטעהט פאַר זעהר אַ וויכטיג געשעהעניש אין איהר לעבען, און וואַרפט אַ פעראַכטענדען בליק אויף'ן חתן, ווי זי וואָלט מיט דעם גע־וואָלט מישאַ'ן געבען צו פערשטעהן, אַז נישט ד אָ ס מ י ט א י ה ם מיינט זי. און זי דאַרף האָבען אַ פריינד, וועמען זי זאָל זיך קענען פערטרויען. זי איז אַנדערש געוואָרען. זי איז אַ קינד געווען, אַלעס איז געווען אַ קינדער־שפּיעל, יעצט האָט זי דאָס לעבען פריה רייף געמאַכט און זי איז דערינען. און זי וויים, אַז מישאַ איז איהר געווען אַן אמת'ער, אויפריכטיגער פריינד, אַז קיינער קען עס נישט זיין, נור אַזעלכע מענשען ווי ער; און זי איז גאָר נישט מקנא ראַחעל'ן, נור וואָס זי האָט מישאַ'ס פריינדשאַפט, און פריינדשאַפט איז מעהר פאַר ליעבע.

און מישאַ האָרכט אויס און שמייכעלט צו, און קלערט בשעת מעשה, וואָס טהוט ראַחעל יעצט, — ער האָט זי אַ גאַנצען אָבענד אַליין געלאָזט — צו האָט זי זיך שלאָפען גע־לעגט און איז מיעד פון וועג, און וואונדערט זיך, וואָס דאָס איז „מערי“ — די מערי — און וואָס איז אַזעלכעס מערי? און בשעת מעשה האָט ער אָנגעהויבען צו קלערען, ווי רעדט מען מיט'ן טאַטען, און מישב זיך געווען ביי זיך, אַז עס איז בעסער איבערצורעדען מיט דער מאַמען, און ער וועט עס נאָך טהאָן היינט אין אָבענד.

און מערי זעהט, אַז ער איז גאָר נישטאָ אין קאָפע־הויז, ער זעהט זי גאָר נישט, אַז ער איז ערגעץ ווייט, גאַנץ ווייט פון אָט דעם טישעל און פון די אַלע מענשען. זי ווערט בייז אויף זיך, האַקט אָב דעם געשפּרעך אין מיטען און רוקט זיך אָב פון איהם. איבער איהר פּנים ציהט זיך איבער אַ וואָלקען טרויער און די ליפּען פערקרימען זיך, ווי ביי אַ קינד צום וויינען. דער חתן, דער עדעלער יונגער־מאַן פון קיעוו, בעמערקט עס. ער רעדט מיט ר' חיים'ען און בעמערקט אַלעס וואָס קומט פאָר אויף מערי'ס פּנים. ער גיהט גאַנץ שטיל צו, רוקט צו זיין שטוהל און רעדט צו איהר מיט אַ שמייכעל: אויב זי וויל נישט עפּעס בעשטעלען?

זי ענטפערט איהם נישט. זי איז בייז. נור דער יונגערמאַן נעהמט עס פאַר ליעב, וואָס ער זיצט כאָטש נעבען איהר. און זיין טאָן און פּנים ווערען גאָר פרעהליכער.

אויפ'ן וועג רעדט מישאַ מיט דער מוטער, אַז ער קען דאָ נישט לענגער בלייבען, בערלין פּייניגט איהם; אַז ער מוז ווי אַמשנעלסטען אַוועק. און זיין ווייב פיהלט זיך שלעכט. די מוטער טרייסט איהם: דער פאָטער איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי ער מיינט; אַז דער פאָטער ליעבט איהם, און ער קען דאָך פערשטעהן, ווי עס איז זייער האַרץ, אַז זייער

עלטסטער זוהן, זייער מישאַ, האָט חתונה אָהן די עלטערענ'ס ווילען, און די עלטערען פיהרען נישט דאָס קינד אונטער דער חופּה. נור ראַחעל איז איהר טאָכטער, אז קוים האָט מישאַ מיט איהר חתונה געהאַט, מעג זי זיין ווער זי איז — איז זי איהר טאָכטער; און זי וועט זי צודריקען צו איהר האַרץ ווי א מוטער.

פאַר'ן האָטעל, ביים געזעגענען זיך, געהט מערי צו צו איהם: צו וויל ער זיך נישט נאָך אביסעל דורכגעהן „אונטער די לינדען" ? די נאַכט איז אַזאַ שעהנע. זי האָט איהם זעהר א וויכטיגע זאַך צו פערטרויען. מישאַ שמייכעלט פערלעגען און נעהמט די ברילען אראָב: זעהן גערן, אָבער ער האָט זיין פרוי אליין געלאָזט אין דער היים. ער מוז אהיים געהן. געזעגענט זיך קאַלט, געהט אין הויז אריין.

אז מישאַ איז אהיים געקומען, האָט ער ראַחעל'ן געטראָפען שלאָפען. אין די קליידער איז זי געלעגען אויפ'ן בעט. אין שטוב איז ליכטיג געווען, דער גאַז האָט געברענט. ער האָט זיך געזעצט נעבען איהר בעט און בעטראַכט איהר געזיכט, וואָס איז געווען אויסגעמוטשעט, ווי ביי א הייליגע געפּייניגטע. ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי ביינאַכט, אין שלאָף, ווייִנט זי אויס אלעס, וואָס זי פערשוויגט בייטאָג. די הייטלעך האָבען זיך געצויגען איבער איהרע אויגען מיט שוואַכקייט, ווי ביי א קינד, ווי ביי א טויב; און דאָך איז דער קינדערשער שמייכעל נישט פערשוואונדען איבער איהר יונג מויל. די געשליפענע, קליינע, ווייסע ציינער האָבען זיך ארויסגעוויזען פון איהרע יונגע ליפּען. דאָס געזיכט ביים מויל איז גאַנץ, גאַנץ קינדיש געווען. ער האָט אויף איהר גרויס רחמנות געקראָגען.

זי האָט געמוזט פיהלען זיין בליק, וואָרים זי האָט מיט שרעק, ווי א טויב, איהרע אויגען אויפגעעפענט. זי האָט איהם דערזעהן. א רויטליכקייט, ווי ביי א מיידעלע, האָט זיך צוגאָסען איבער איהר פנים, און זי האָט זיך פערדרעהט אויף דער צווייטער זייט. מישאַ איז אויך פערשעהמט געוואָרען, אויפגעהויבען זיך, אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ, זיך געלעגט אויף זיין געלעגער און נישט געשלאָפען לאַנג, לאַנג אין דער נאַכט אריין.

.8

קיין ארץ ישראל.

צו מאָרגענס איז די מוטער פּלוצלונג אוּן אומגעריכט אריינגעקומען אין פּאַנסיאָן. עס איז נאָך געווען אזוי פריה, אז ראַחעל האָט זיך ערשט געהאַלטען אין אָנטהאָן, און די מוטער איז אָהן ווערטער ארויפגעפאַלען אויפ'ן יונגען ווייבעל און זי געקושט, געהאַלזט און געוויינט: „זי דאַרף גאָר נישט זאָרגען. זי איז איהר טאָכטער און זי איז איהר מוטער, און א מוטער'ס האַרץ פיהלט אלעס".

— און לאַנג דאָרט אָבגעזעסען און אויסגעפרעגט זיך וואָס זיי מאַכען, וואָס זיי דענקען צו טהאָן, גאָר מוטערליך.

ראַחעל איז אזוי ערשטוינט געווען און דאָס אלעס האָט איהר אזוי ווילד־פרעמד אויסגעזעהן, אז זי האָט קיין לשון נישט געקענט געפינען. און גאָר ניט גערעדט, נור געענטפערט מיט יא און ניין.

די מוטער האָט דוקא געוואָלט, אז זיי זאָלען אהין געהן צום פּאָטער און זאָלען אין איינעם עסען מיטאג. מישאַ האָט נישט געוואָלט, אָבער ראַחעל האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יא, אז זי וויל. זי האָט זיך אָנגעטהאָן און איז מיטגעגאַנגען. מישאַ איז אין דער שטיל גליקליך געווען.

אויפ'ן וועג האָט זי געשוויגען. דער פּאָטער האָט זי עמפּפאַנגען זעהר ליעבליך, אָבער קאַלט. אויף ראַחעל'ס פּנים איז געווען אויסגעגאָסען א גלייכגילטיגקייט. סאָניאַ, מישאַ'ס שוועסטער, איז אריינגעלאָפען מיט גרויס פריידּ, זיך צוקושט און אויך געוויינט: „זי האָט שטענדיג געוואוסט, דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט, אז ראַחעל וועט איהר שוועסטער זיין".

עס איז אויך אריינגעקומען דער פעטער ר' חיים, מערי'ס פּאָטער, — עס איז שוין מעהר קיין סוד נישט געווען — געוואונשען איהר מזל טוב. מערי איז צו איהר געווען פריינדליך, אויפריכטיג־פריינדליך און געפרעהט זיך מיט איהר, ווי מיט א שוועסטער. ביסלעכווייז איז אויך ראַחעל היימישער געוואָרען, דאָס שטילע טרויעריגקייט האָט זיך אָבגערוקט פון איהר און זי האָט געשמייכעלט גליקליך און אנטהייל גענומען אין ריידען. מישאַ איז גליקליך געווען.

דער פּאָטער איז נאָך אלץ אביסעל קאַלט געווען, אָבער ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזען.

עס איז אויך אָנגעקומען מערי'ס חתן, דער איידעלער יונגערמאַן, מיט גרויסע ווייסע רויזען, וואָס ער האָט יעדען טאָג געבראַכט מערי'ן. מערי האָט דוקא געוואָלט אז ראַחעל זאָל די רויזען נעהמען: „ניין, אלע — נישט נור איינע", אויף וואָס דער חתן האָט מיט שמערץ געקוקט.

מיטאג האָט מען בעשטעלט אין א אידישען רעסטאָראַן, ביי א בעזונדער געדעקטען טיש. ביים עסען, נאָך די פיש, איז דער פּאָטער פריינדליכער געוואָרען, איבערגעבעטען זיך מיט דעם פּאַקט. ער האָט בעשטעלט וויין, געוואונשען מזל טוב ראַחעל'ן און זיך צוקושט מיט איהר און מיט מישאַ'ן. די מוטער איז ארויס אין א גרויס געוויין, אויסגעטהאָן איהר שנור פּערעל און זי אָנגעטהאָן ראַחעל'ן.

ראחעל איז געזעסען ווי אין א חלום, איהר פּנים האָט געשטראַהלט, כאָטש טרויעריג געווען, און אַלע האָבען זיך מיט איהר געפרעהט, אממעהרסטען מערי. די ברידער ר' חיים און ר' לייזער האָבען זיך אויף צוקושט: „אם ירצה השם ביי מערי'ן, אין א פּרעהליכער צייט און אין דער היים"... דער חתן האָט געשטראַהלט פאַר גליק, מערי איז ברוגז'דיג געוואָרען... נאָכ'ן עסען וועט מען פאָהרען מיט ראחעל'ן אין די מאַגאַזינען מתנות קויפען. וועש איז ביליג אין בערלין — אין ספּעציעלע געשעפטען, נישט ביי ווערטהיימער'ן — אויפ'ן „יאַהר־מאַרק".

נאָכ'ן עסען, ווען די פרויען זיינען איבער דער שטאָדט געפאָהרען, האָט דער פאָטער מיט'ן זוהן גערעדט אליין אין צימער: „יאָ, חתונה געהאַט. און וואָס וועט דער תכלית זיין? מען דאַרף זיך נעהמען אָדער לערנען, אָדער צום געשעפט. ארץ ישראל, און ערד־ארבייטער ווערען — א משוגע'נע זאַך. וואָס מען האָט געטהאָן, האָט מען געטהאָן. מילא, אזא צייט געווען. אנדערע קינדער האָבען נאָך ערגערע זאַכען אָבגעטהאָן, אינ'ם לעבען געקומען, — אָבער משוגע דאַרף מען נישט זיין. אז חתונה געהאַט — מוז מען ווערען א מענש. אויף בילדונג וועט ער שיקען חודש'ליך פאַר ביידע צו לעבען". „וואָס, ארץ ישראל? משוגע! אויף ארץ ישראל וועט ער קיין גראָשען נישט געבען, נישט אויף הוצאות און נישט אויף צו לעבען! האָסט חתונה געהאַט — גיב דיר אליין אן עצה".

מיט דעם איז דער שמועס אָבגעהאַקט געוואָרען.

די מוטער האָט זיך אריינגעמישט:

„דאָס קינד האָט רעכט. לאָז ער פּרובען זיין מזל. אז ער וויל אין ארץ ישראל, אז דאָס הארץ ציהט איהם דאָרט אהין — זאָל ער פאָהרען. געליבט צו גאָט דערפאַר, זייער קינד איז נאָך א איד געבליעבען און ביים לעבען געבליבען. וואָס מען הערט זיך אָן פון אנדערע קינדער, ביי אנדערע עלטערן... אז דו ווילסט נישט געבען, וועל איך די בריליאַנטענע אוירינגען פערקויפען און די קינדער אויף הוצאות געבען, מיינע וויגרישנע בילעטען פערקויפען!"

דער פאָטער איז דאָך בעסער געוואָרען — אויף הוצאות געגעבען און אויף א שטיק צייט צו לעבען אין ארץ ישראל אויך. נאָך צוויי־דריי טעג זיינען זיי געווען אין בערלין, אין איינעם מיט דער משפחה, כאָטש פון פּאַנסיאָן אין האָטעל ארייין האָבען זיי זיך נישט געוואָלט איבערציהען. די שוועסטער סאָניא און מערי, איבערהויפּט מערי, זיינען נישט אָבגעטראָטען די גאַנצע צייט, אין טהעאַטערען געשלעפּט, מיט אויטאָמאָבילען שפּאַצירען געפיהרט, אין טיער־גאַרטען, צום זאָאָלאָגישען גאָרטען ארויס. ראחעל איז געווען ווי אויף א פרעמדע חתונה — מיטגערעדט, מיטגעפרעהט זיך, אָבער ערגעץ אנדערש וואו געווען ווי אין א חלום... מישא איז גליקליך געווען איבער ראחעל. אין אבענד האָבען זיי ביידע צום פאָטער, צו דר. לייזעראָוויטש, א בריעף געשריעבען, אז זיי פאָהרען קיין ארץ ישראל.

אין א פּאָאַר טעג ארום זיינען זיי אָבגעפאָהרען דורך שטעטינער באנהאָף איבער טריעסט קיין ארץ ישראל. מערי מיט סאָניא'ן האָבען דעם וואַגאָן־פענסטער באַלייגט מיט בלומען און די מוטער — מיט טרעהרען.

9.

אליין מיט זיך.

מערי איז געלעגען ביז אין שפּעטען טאָג אריין אויף איהר געלעגער אין פּאַנסיאָן, אין וועלכען זיי האָבען געוואָהנט, די טהיר פערשלאָסען און קיינעם נישט אריינגעלאָזט צו זיך.

איהר שוואַרץ צולאָזענער קאָפּ האָאר איז געווען איינגעטונקט אין די זיידענע קליינע קיישענס, וועלכע זי האָט זיך מיטגעפיהרט מיט זיך, און פון אונטער דער אַטלאַסענער קאָלדרע האָבען ארויסגעשטראַהלט איהרע גרויסע, גרויסע אויגען, וועלכע זיינען געווען פול מיט טרעהרען. אין די הערלאַך איבער איהרע ווייס־אפּעלהייטלאַך האָט זיך פערבאָרגען א בענקעניש; פון די ליפּען, פערקרימט ווי צו וויינען, האָבען ארויסגעשמאַכט איהרע ווייסע ציהן, און מיט די הענד האָט זי זיך פאַר איהרע יונגע בריסטען געהאַלטען. שוין איינציגע מאָל האָט די מאַמע, דער טאַטע אָנגעקלאַפּט דורך דער טיר: „קינד, גאָר נישט אין מויל געהאַט". מערי האָט נישט געענטפערט און האָט זיך נישט גענומען אָנצוטהאָן.

די עלטערן זיינען נישט אונרוהיג געוואָרען. זיי האָבען געקענט איהר געוואָהנהייט, און זי פלעגט עס לעצטענס טהאָן עפּטער — גאַנצע טעג אָבליגען אין בעט און נישט ארויסגעהן פון צימער. זי האָט נישט צו וואָס זיך אויפצוהויבען. דאָס לעבען איז איהר לאַנגווייליג געוואָרען און אָהן אינטערעס. אַלעס איז איהר מיאוס און קליין געווען און עס האָט זיך נישט געלוינט.

נאָך איהר „ערשטע ליעבע", נאָך קאָראָוואַלסקי'ן האָט זי נישט מעהר געבענקט. ער האָט זיך איהר אויסגעוויזען ווי געשטאָרבען. איבריגענס זעהט זי איין, אז אויך ער איז נישט געווען דער ריכטיגער איהר בעשערטער, נאָך וועמען זי זאָל בענקען. טהייל־מאָל דערמאָהנט זי זיך אָן זיין אונבעהאָלפענעם שמייכעל, אָן זיין נאַרישער מינע, ווען ער האָט געקוקט אויף איהר מיט בענעהרען — שמייכעלט זי, אָבער ער האָט זיין קונסט — זיין

לאַנדשאַפט, און מיט אַזעלכע איז גאָר נישט אָנצוהויבען: זיי האָבען זיך נישט, און וואָס זיי האָבען גיבען זיי אַוועק דער קונסט.

די גאַנצע צייט איהרע אין פּעטערבורג האָט אויסגעזעהן ווי אַ קינדער־שפּיעל, ווי אַ גימנאַזיום־ליעבע. איהרע בעציהונגען צו מאַקסימאָוויטש'ן, צו דעם אַלטען „דאָן זשואַן“, — ווי ער האָט געפּאַדעט אַרום איהר! פון די אַלע מענשען, קומט איהר פּאַר, איז דער אינטערעסאַנטסטער דאָך געווען מישאַ.

זיין נאַאיוויטעט און זיין שטומע, טיפע איבערגעבענהייט — דאָס האָט זי יעצט גע־ריהרט. און זי האָט זיך געקענט פאַרשטעלען אַ ווייטערדיג לעבען נור מיט מישאַ'ן. מיט מישאַ'ן ווען זי וואָלט חתונה געהאַט, וואָלטען זיי געפיהרט אַן איינפאַכעס לעבען. זיין ליעבע צו איהר וואָלט געווען ווי אַ שטיל גזאַנג, וואָס עס הערט קיינער נישט, נור עס זינגט זיך אין יעדעס שטילע שעהנע לעבען...

מיט קאָוואַלסקי'ן האָט זי זיך נישט געקענט פאַרשטעלען אַ ווייטערדיגעס לעבען. עס איז געווען ווי אַ חלום. און מיט אַזעלכע מענשען לעבט מען נישט לאַנג. זיין ליעבע איז נישט ווי מישאַ'ס — אַ שטילער וואַסערקוואַל, וועלכער פליסט אייביג. דאָס איז ווי אַ געשריי, ווי אַ פלאַם וואָס ברענט זיך אויס אין איין מאָמענט. און אַזעלכע מענשען ווי קאָוואַלסקי זיינען אויך נישט אינטערעסאַנט אויף דער דויער. דאָס איז נישט קיין מישאַ, וועלכענס ליעבע איז ווי אַ נר־תמיד, ווי אַ ליכטעל אַ קליינע, נור עס ברענט תמיד, תמיד... דורכדעם, אַז זי איז שפּעטער געקומען צוריק צו לויפען קיין פּעטערבורג, איז עס איהר מיאוס און לאַנגווייליג געוואָרען. קאָוואַלסקי איז נישט געווען. ווען אפילו ער וואָלט געווען, וואָלט אויך נישט אינטערעסאַנט געווען. דער אַלטער מאַקסימאָוויטש, וועלכער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען גראָהע צו ווערען, פלעגט ארויפקומען צו איהר יעדען טאָג. נור עס איז אויך לאַנגווייליג געווען מיט איהם. זיינע געשפּרעכען האָבען זי נישט מעהר אינטערעסירט:

גאָט, ווייל זי קליגער ווערען קען זי ביכער לעזען, נישט ארומגעהן מיט דעם אַלטען דאָן זשואַן און אַלע, וועלכע געפינען זיך אין זיין געזעלשאַפט, זאָלען זי בעטראַכטען פאַר אַן אינטערעסאַנטען „עקזעמפּליאַר“.

און זי איז גליקליך געווען, אַז דער פאָטער איז געקומען נאָך איהר (אליין האָט זי זיך געשעמט אַהיים צו קומען) און מיטגענומען זי קיין בערלין. און דאָ איז דענסטמאָל פאַר איהר דאָס לעבען לאַנגווייליג געוואָרען. זי האָט שוין געקענט שלאָפען ביז נאָך מיטאַג, און גאָרנישט האָט אויף איהר געוואַרט, צו וואָס זי זאָל זיך אליין דאַרפען אויפצוהויבען.

די מוטער און די מוהמע האָבען זי געפיהרט אין די מאַגאַזינען, זי האָט זיך קליידער געמאַכט — דאָס האָט איהר נאָך שפּאַס געמאַכט. און זי האָט זיך שדוכים געלאָזט רעדען אויס טשיקאַוואַסטש, ווי וועט אויסזעהען דער יונגערמאַן, וואָס מען רעדט איהר דעם שידוך. און זי האָט זיך זיי אויסגעזעהען און אויסגעקליעבען, ווי מען קלייבט אויס קליידער אין מאַגאַזין. זי האָט נור צוליעב דעם אָבגעזאָגט אַ שידוך, ווייל עס איז טשיקאַווע געווען צו זעהן די נייע יונגע לייט, וואָס מען וועט איהר מאָרגען פאַרשטעלען, קוקען אויף זייערע נאַאיווע, חתן'דיגע מינעס, אויף זייערע געוואַשענע העמדער און אויף די קנעפּ פון די העמדער. מיט אַ צופריעדענהייט האָט זי בעטראַכט יעדע מינע, און אויף דער נאַכט האָט זי פאַר סאָניא'ן נאָכגעשפּיעלט די קאָמעדיע פון צופיהרען און בעקענען דעם חתן, די רייד וואָס ער רעדט און די מינע וואָס ער מאַכט..

אויף דעם איצטיגען חתן, ה' אַדלער פון קיעוו, איז זי בעשטאַנען נור דערפאַר, ווייל ער זעהט אויס אַנשטענדיגער פון אַלע אַנדערע און מען קען זיך ווייזען מיט איהם אין אַ פיינעם רעסטאָראַן, אויף אַ באַל — און דאָס האָט זי יעצט געוואָלט. זי האָט געוואָלט אַ כלה ווערען, האָבען אַ חתן מיט וועלכען זי זאָל קענען די האַלבע נעכט אין די רעסטאָראַנען, אויף די בעלער און קאָנצערטען געהן. איבריגענס, איז איהר געפעלען די צערעמאָניע פון אַ כלה ווערען. זי האָט עס געוואָלט דורכמאַכען — קריגען מתנות און האָבען נעבען זיך אַ פערליעבטען יונגען מאַן. און פערליעבט איז דער חתן געווען אין איהר פון דעם ערשטען אויגענבליק. ער איז געווען אַ שטילער. ער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, נור אויגען האָט ער גרויסע און שוואַרצע ברעמען און וויל אַלעס ארויסזאָגען מיט די אויגען, וואָס דאָס מויל קען נישט...

אַז מען האָט איהם צוגעפיהרט צום טישעל, איז ער אַ דערשראָקענער געבליעבען. עס האָט זי אַביסעל געריהרט זיין אונבעהאָלפענקייט. איבריגענס, איז איהר זיין אויסערעס זעהר געפעלען: אַ פיין געזיכט און קליידט זיך ביי אַ גוטען שניידער.

דער יונגערמאַן ברענגט איהר יעדען טאָג בלומען — גרויסע ווייסע רויזען. דאָס ריהרט זי אַביסעל. אָבער זי האָט איהם נאָך קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט. און ער געהט נעבען איהר ווי אַ שאָטען און רעדט נישט קיין וואָרט, נור איז זי גוט אויפגעלעגט — ווערען זיינע אויגען גרויס און אַ גליקליכע מינע רוהט איבער'ן פּנים; איז זי שלעכט געשטימט — ווערען איהם די אויגען קליין, און ער ווערט טרויעריג, ווי אַ געטרייער, גוטער הונד.

איבריגענס, איז ער פון די מענשען וואָס מאַכען נישט קאַליע, פערדאַרבען נישט די שטימונג און קענען שווייגען. דאָס איז זעהר פיעל היינט. וועט עס נישט אַזאַ אומגליק זיין, ווען זי וועט דאַרפען מיט איהם חתונה האָבען. נור וויל זי יעצט חתונה האָבען? זעהט זי איבערהויפּט א צוקונפט פאַר זיך?...

זי קוקט זיך איין אין איהר לעבען און טראַכט זיך: וואָס האָט זי ליעב? וואָס וויל זי? נאָך וועמען בענקט זי? — און זי זעהט, אז איהר לעבען איז ביז יעצט דורכגעגאַנגען ווי אין א טומאַן, אַלעס איז בעשטאַנען פון צופעליגקייטען און זי זעהט נישט קיין איין שטיקעל וועג פון איהר צוקונפט ארויס. אייגענטליך האָט זי קיין ציעל נישט אין לעבען.

איהרע עלטערן האָט זי נישט ליעב. אויף דער מוטער האָט זי רחמנות, ווי מען האָט רחמנות אויף א פרעמדע אָרימע פרוי. דער פאָטער איז אַן עגאָאיסט.

אפשר איז ער יאַ אינטערעסאַנטער פון דער מוטער, אָבער וואָס געהט ער איהר אָן? — איהר פאָלק איז איהר פרעמד, זי ווייסט נישט, פאַר וואָס מען האָט פיינד די אידען און פאַר וואָס ווערען זיי נישט אויס אידען, ווען קיינער וויל עס נישט ליידען. צו לוינט זיך איבער דעם די צרות, וואָס זיי שטעהען אויס?

זי האָט שוין, ווען זי איז נאָך אין שקאָלע געוועזן, נאָכגעקלערט וועגען דעם. א חבר'טע האָט זי בעליידיגט און זי אָנגערופען „יודין“. זי האָט פערקלאָגט די חבר'טע און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען צו קלערען וועגען דעם, וואָס זיינען אידען אַזעלכעס און פאַר וואָס ליידט מען.

זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי איהר לעהרער פון רעליגיע. יענער האָט איהר געגעבען צו לעזען לאַנגווייליגע ביכער דעריבער, „די געשיכטע פון אידען“ — נור מען שלאָגט אידען, קיין איין טהאַט נישט, קיין איין העלד נישט, אין וועלכען מען זאָל זיך קענען פערליעבען. און די פראַגע, פאַר וואָס אידען שמד'ען זיך נישט אויס, איז איהר נאָך אַלץ נישט פערענטפערט געוואָרען. דאַכט זיך — אזעלכע קלוגע מענשען, און ליידען פאַר עפּעס א אונזין. וואָס פאַר א אונטערשיעד צו די שוהל, צו די קירך? אז עס איז דאָ א גאָט, איז דאָך נור איין גאָט, א גאָט פאַר אלעמען, און די קירך איז דאָך שעהנער און ריינער פון דער שוהל?

דאָס זיינען אַלץ פראַגען, איבער וועלכע זי האָט נישט געקענט לאַנג נאָכקלערען, ווייל עס האָט זי נישט אינטערעסירט. — און וואָס געהט עס איהר אַלץ אָן? — זי האָט אמאָל געהאַט א חבר'טע אין דער שוהלע, איז יענע געוועזן א פוילישע — האָט זי ליעב געהאַט די פוילישע ערד און האָט שטענדיג דעקלאַמירט געדיכטע פון ליעבע צו „אָטשיזנאַ“, און וואָס האָט זי ליעב? די ערד האָט זי ליעב? וואָס איז פאַר א חילוק וועלכע ערד? — אַלע פעלדער, אַלע לענדער האָבען איין פנים.

די רוסישע מיידלעך פערשטעהט זי שוין בעסער, נור יענע האָבען אויך עפּעס אַן „אָטשיזנאַ“, און ווען זיי פאָהרען פאַרנאַכט אויבער'ן דניפּער שפּאַצירען און זינגען ליעדער, קלינגט אין זייער שטימע אַזאַ בענקענדער, ליעבער טאָן, און אין די אויגען — אַזאַ פייכקייט. אָדער ווען זיי לעזען פּושקינ'ס „קאַפּיטאַנסקאַיאַ דאָטש“, ווערען זייערע באַקען אזוי צוהיצט. וואָס פרעהען זיי זיך אזוי דערמיט, עס איז דאָ שעהנערע זאַכען, פּושקינ'ס „יעווגעני אָנעגין“ איז דאָך שעהנער פון „קאַפּיטאַנסקאַיאַ דאָטש?...“

אזוי איז זי ווי הונדערט אַנדערע אידישע מיידלעך, געוועזן ווי א פערבלאָנדזשעטע שעפעלע, ווי עפּעס א בוימעל, וואָס איז פערפלאַנצט געוואָרען אין א פרעמדען קלימאַט. זי האָט ארום זיך געזעהען בעגייסטערונג, ליעבע, בענקען צו לאַנד, צו פאָלק, צו מנהגים און צו יום טובים, און זי האָט גאָר נישט געהאַט. איהרע עלטערן האָבען איהר קיין ירושה נישט איבערגעלאָזט. נאַקעט איז זי געבוירען געוואָרען און נאַקעט שטעהט זי אליין אין דער וועלט אָהן טראַדיציע, אָהן גלויבען און אָהן ליעבע.

וואָס האָט זי געהאַט צו זוכען אין לעבען אויסער ליעבע, אויסער איהר אייגענע קליינע מענשען־ליעבע?

איהר קוואַל איז שוין געוועזן אָפען. די ליעבע האָט געקוואָלען פון איהר, ווי א פרישער קוואַל וואַסער, אָבער עס איז נישט געוועזן ווער עס זאָל אויס דעם ריינעם קוואַל וואַסער טרינקען. קאָוואַלסקי האָט נור אָנגעקלאַפּט אין דעם קליינעם קוואַל, אָבער ער האָט איהם נישט געעפענט. ער האָט נור אויפגעוועקט די שטילע ליעבע־געפיהלען, וועלכע זיינען געוועזן איינגעוויקעלט ווי א קנויל און ווי א סוד געשלאָפען אין איהר...

יעצט איז זי וואַך געוועזן. דער קנויל האָט זיך אָנגעהויבען פאַנאַנדערצואוויקלען, דער ליעבע־קוואַל — פאָנטאַנען צו שלאָגען פון אַלע איהרע אברים. און עס איז קיינער נישט געוועזן, קיינער נישט, נאָך וועמען זי זאָל בענקען, אויסגיסען זיך אין איהר בענקשאַפט... קאָוואַלסקי איז פאַר איהר יעצט אזוי ווייט געוועזן, אזוי פרעמד. אפילו ווען ער וואָלט דאָ געוועזן, וואָלט זי צו איהם אויך גאָר נישט מעהר געפיהלט — אַן אויסגע'חלומ'טער

חלום, וועלכער קען איהר מעהר גאָר נישט געבען. מעהר האָט זי יעצט אינטערעסירט מישאַ. א, ער איז ווי אין א סוד איינגעהילט. ער האָט אין זיך עפּעס אזעלכעס, וואָס איז מעהר פון ליעבע, עפּעס אזעלכעס, ווי יענע פוילישע מיידעל, וועלכע דעקלאַמירט וועגען „אטשיזנאַ“, אָדער ווי די רוסישע, וואָס זינגען די ליעדער פאַהרענדיג אויפ׳ן דניפּער. ער האָט אויך דעם סוד פון „אטשיזנאַ“. און זי איז געשטאַנען פאַר איהם ווי פאַר א סוד און זי האָט איהם מקנא געווען. ער וואָלט זי געקענט מיט ארייננעהמען אין זיין סוד אריין, געבען איהר עפּעס אן וואָס זיך אָנצוכאַפּען, אז זי זאָל זיך קענען מיטשלעפּען, עפּעס אזוינס וואָס איז מעהר פון מענשליכע ליעבע. ער וואָלט איהר פון זיין לעבען, פון זיין אידעאַל געגעבען. נור פערמויערט איז ער שוין געווען פאַר איהר ווי מיט זיעבען מויערען. זיין שמייכעל איז שוין קאַלט געווען און בעשיצט איז ער געווען פון איהר. מיטגענומען אין דער טיעפעניש פון זיין סוד האָט ער ראחעל׳ן און מיט איהר געהט ער אויף זיין וועג, צו זיין ציעל, — אן ארויסגעוואָרפענע איז זי געווען פאַר איהם.

זי איז אזוי אָבגעלעגען ביז׳ן האַלבען טאָג און געקלערט וועגען זיך, וועגען איהר צוקונפט — און גאָר נישט, גאָר נישט פאַר זיך געזעהען. איהרע אויגען און מויל האָבען אויסגעדריקט בענקשאַפט. זי האָט געבענקט נאָך עפּעס, נאָך עפּעס וואָס זאָל אָנפילען איהר לעער לעבען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר. עס איז געווען די דיענסט. זי האָט איהר געבראַכט די בלומען, וואָס דער חתן האָט איהר געשיקט יעדען טאָג צו מיטאג.

זי איז ארויס פון בעט, אויפגעעפענט די טהיר, צוגענומען די בלומען און צוגעשלאָסען די טהיר נאָך זיך. דעם בריעף, וואָס איז געווען נעבען די בלומען, האָט זי אוועקגעוואָרפען, די בלומען — צובונדען.

עס זיינען געווען גרויסע, ווייסע רויזען. האַרטע בלעטלעך און ניט לאַנג פאַנאַנדערגעוויקעלט. גרויסע טראָפּענס וואַסער זיינען געהאַנגען אויף די קאָרענדיגע, שטאַרקע ווייסע בלעטלעך. זי האָט פון זיך אראָבגעוואָרפען דאָס לייכטע באַטיסטענע העמד און איז געבליעבען שטעהן אין שפּיעגעל א נאַקעטע.

זי האָט זיך בעטראַכט אין שפּיעגעל. איהר לייב איז געווען יונג און רייף. ערשט נור וואָס רייף געוואָרען, ווי די ווייסע רויזען אין איהר האַנד. אָנגעצויגען איז געווען איהר קערפּער, שטרענג אָנגעצויגען, ווי די שנור פון א פיילענבויגען, אין א יונגע גבור׳שע האַנד. איהרע בריסטען זיינען קליין געווען, אָבער פול, און האָבען געשאָסען פון איהר לייב ווי צוויי יונגע טויבען, און האַרט זיינען זיי געווען ווי צוויי קאָרענדיגע ווייסע עפּעל. רונדיג זיינען אראָבגעפאַלען איהרע פּלייצעס ווי צוויי קליינע וואַסער־פאַלען איבער איהר רוקען און איבער איהר ברוסט. איהרע צוויי הענד זיינען געבויגען געווען ווי די פיילענבויגענס — לענגליך זיך פערשלענגעלט ארום איהר לייב, ווי די שוואַנען פערשלענגלען זייערע פליגעל ארום זיך. זי האָט בעקוקט איהרע פיס — זיי זיינען דין געווען און ווייס, ווי געשניטען פון העלפען־ביין. זיי האָבען זיך צוזאַמענגעקושט ווי צוויי הענד, און די רויטע, בלוטיגע פינגער פון איהרע פיס זיינען געוואַשען און געפוצט געווען. די נעגעל פון איהרע פיס האָבען געבלישצעט ווי די נעגעל פון איהרע געפוצטע הענד, און איבער איהר גאַנצען קערפּער איז געלעגען אויסגעגאָסען יענע שמיידיגקייט, יענע ווייכע בעוועגליכקייט, וואָס עס האָט אין זיך א ווייס וואַלד־טהיער וואָס קומט פון וואַרימע, טראָפּישע לענדער. איהר קאַלט געגענזעלט לייב, וועלכעס איז יעצט געווען איבערגעצויגען מיט א טוי פון פרישקייט, וואָס ליגט אויף די פרוכטען אין גאָרטען ביי זונען־אויפגאַנג, האָט געהויכט פון זיך א וואַרעמען אָטעם פון ליעבע. איהרע בריסטען זיינען וואַרעם געווען און געאָטהעמט ווי איהרע ליפּען, און איהר בויך אזוי קאַלט, ווי די ווייסע רויזען וואָס זי האָט געהאַלטען אין איהרע הענד.

זי האָט בעטראַכט אין שפּיעגעל איהר יעדעס גליעד און יעדע איהרע בעוועגונג, געוואָרפען די שוואַרצע לאָקען איבער איהר לייב און זי האָט זיך ליעב געהאַט. דאָס אַלעס האָט געבענקט נאָך ליעבע — און עס איז קיינער, קיינער נישט געווען.

זי האָט געפיהרט איהרע פינגער צווישען איהרע האָאר און געפיהלט דעם ווייכען, ערדענען הויך, וואָס ליגט אויף די שפּיץ פינגער איהרע. ווי די נשמה וואָלט איהר ארויסגעגאַנגען פון איהר אינערליכעס און געזעצט זיך אויף די שפּיץ פינגער איהרע, אויף די שפּיץ בריסטען איהרע און בעהאַלטען זיך צווישען איהרע געדיכטע האָאר. אזוי האָט דאָס אַלעס געאַטהעמט, געלעבט, געבענקט און געלעכצט נאָך ליעבע.

זי האָט געוואָלט קושען איהרע בריסטען, קיהלען זיי מיט איהר מויל, נישט געקענט — האָט זי זיי לייכט געשטרייפט מיט דער לייכטער אָנריהרונג פון איהרע הענד. זי האָט גענומען די ווייסע רויזען און צוגעריהרט זיי צו איהרע בריסטען. די רויזען זיינען קאַלט געווען, יעדעס רויזענבלעטעל האָט זיך געהאַט אָנגעטרונקען מיט אטהעם פון פריהמאָרגען לופט, פון רעגען און זונן — און די קאַלטע רויזען האָבען געקיהלט איהרע בריסטען. די ווייכע, ווייסע סאַמעט בלעטלעך האָבען זיך

געעפענט, ווי עס עפענט זיך אַ מײלכעל פון אַ קינד און אריינגענומען צווישען זייערע רויזען־לייבלעך די בריסטען איהרע, און זי האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי אן אונשולדיג קליין קינד קושט זי. אזוי האָט זי געקיהלט מיט די רויזען איהר וואַרעם לייב.

זי האָט זיך געלייגט מיט זיי אין בעט אריין. צואוואָרפען די קאַלטע רויזען איבער איהר לייב און צוגעדעקט זיך מיט זיי — און זי האָט געהאַט דאָס געפיהל ווי אַ נשמה לעבט צווישען די בלעטלעך פון די רויזען און זיי קושען איהר דאָס לייב. זי האָט די אויגען צוגעמאַכט און געטרוימט פון ליעבע...

אזוי איז זי אנשלאָפען געוואָרען מיט די רויזען און געלעגען ביז פאַרנאַכט.

פאַרנאַכט, ווען זי איז ארויס פון בעט און גענומען זיך אָנטהאָן, זיינען די ווייסע רויזען געלעגען אונטער איהר, ווי טויטע, קלײנע פויגעלעך — די נשמה, וואָס האָט געלעבט צווישען זייערע בלעטלעך איז שוין נישט געווען. און די רויזען זיינען וואַרעם געווען און געהאַט אין זיך דעם דופט פון מערי'ס לייב...

(פאָרטזעצונג קומט)

י. פאדרוזשניק.

די אידישע דימענט־אַרבייטער

די שטאָדט אמסטערדאם האָט זייט הונדערטער יאָהרען געהאַלטען אין איהרע הענד דעם מאנאָפאָל פון דער דימענט־אינדוסטריע, וואָס איז מיט אַזוי פיעל ענערגיע און פעהיגקייט געפיהרט געוואָרען פון די אנטלאָפענע שפאַנישע און פאָרטוגעזישע אידישע עמיגראַנטען. פאר אַ גאַנץ לאנגע צייט איז אמסטערדאם מיט איהרע דימענטען געווען אַ צוציהונגספלאַץ פאַר קעניגע און פרינצען, פאר אַלערליי אַריסטאָקראטען און מיליאָנערען. און ערשט אין די לעצטע יאָהרען איז דער יחוס איהרער אַ היבש ביסעל געפאַלען; עס איז אויסגעוואַקסען אַ קאָנקורענטקע, אַ איינגערע און פעהיגערע, וועלכע האָט אַ גרויסען טהייל פון איהר גדולה אַוועקגערויבט.

די דאָזיגע קאָנקורענטקע איז אַנטווערפען.

די ענטוויקלונג פון דער דימענט־אינדוסטריע אין אנטווערפען איז אַ מערקווירדיג קאפיטעל פון דער אידישער ווירטשאַפטליכער געשיכטע, און מיר וועלען עס דאָ אויפ'ן גרונד פון נעהנטערע נאכפאָרשונגען בעהאַנדלען.

.1

די גאנצע דימענט־אינדוסטריע איז אַ ריין אידישער געשעפט. דאָס איז אַ גאַנץ אַלטער אידישער מסחור, וואָס איז אָנגעגאנגען לאנג נאָך בעפאָר דער מאָדערנער קאַפיטאַליזם האָט זיך ענטוויקעלט. דאָס איז אַ טראַדיציאָנעלער אידישער מסחור, און זיינע וואָרצלען דארף מען זוכען אין די ווייטע מיטעלאלטערליכע יאָהרהונדערטער און אפילו אין אַלטערטום. ו ו י אַ ז ו י אייגענטליך אָט דער מסחור קומט אויסשליסליך אין אידישע הענד — איז זעהר בעגרייפליך: די לעבענסבעדינגונגען האָבען פון די אידען געפאָדערט און אָפט געצוואונגען זיך צו בעשעפטיגען מעהר מיט בעוועגליכע ווערט־זאַכען ווי מיט אונבעוועגליכע. דימענטען האָט מען געקענט צו יעדער עת צרה איינפאַקען און אַוועקטראָגען.

די דימענט־אינדוסטריע איז אין מיטעלאַלטער געווען אַ ריינער גרויס־קאַפיטאַליסטישער מסחור, און דערפאר האָבען זיך זעהר וועניג מענשען געקענט ארום דעם בעשעפטיגען אי אין האנדעל אי זאָגאר אין דער אויסארבייטונג. די אורזאַכען ליגען, לויט אונזער מיינונג, אָט אין וואָס.

די טעכניק פון בעארבייטען דעם דימענט
איז דעמאָלט געווען לחלוטין אונענטוויי־
קעלט: עס האָבען געפעהלט די אַלע מיטלען,
מיט וועלכע מען בענוצט זיך היינט, כדי אין׳ם
שטיין ארויסצורופען דאָס בעהאַלטענע אינווע־
ניגסטע פייער, וואָס איז אייגענטליך זיין
נשמה. דערפאר האָט מען נור די ו ו י כ־
ט י ג ס ט ע שטיינער געברענגט אויפ׳ן לוק־
סוס־מאַרק און די קלענערע און פינסטערע
דימענטען האָט מען פשוט ניט אנערקענט אַלס
אַזעלכע; מען האָט זיי ריכטיג ניט אבגע־
שאַצט, געצווייפעלט אין זייער ערדלער אבשטאַ־
מונג. אַ חוץ דעם האָט דאָס היינטיגע קליינ־
בירגערטום וואָס איז אפשר דער איינציגער,
וועניגסטענס דער גרעסטער, געברויכער פון׳ם
מיטעלמעסיגען און נידריגערען בריליאַנט, דע־
מאָלט ערשט געלעגען אין זיינע וויקעלאַך. דער
אַמאָליגער קליינבירגער האָט ניט געהאַט די־
זעלבע השגה וואָס דער היינטיגער, — דער
היינטיגער קליינבירגער, וואָס קלויבט זיך זיין
גאַנץ לעבען צו ווערען אַ גרויסבירגער און זוכט
דערפאַר נאָכצומאַכען, ווי אַן אַפּע, אַלץ וואָס
„אויבען“ טהוט זיך.

די דימענט־אינדוסטריע איז אזוי נאָך דאַן
געווען בעשיידען, קליין און לחלוטין קאָנצענט־
רירט אינ׳ם אידישען גרויס־קאַפּיטאַל.

צום ענד פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט
איז אינ׳ם דאָזיגען געביט פאָרגעקומען אַן
איבערקעהרעניש. עס זיינען דעמאָלט אויס־
געקלערט געוואָרען נייע טעכנישע מיטלען, ווי
אַזוי צו ראַפינירען און שלייפען דעם דימענט און
בעזייטיגען אַלע אונריינע פונקטען און שפּרינ־
קעלאַך פון דעם שטיין. דאָס האָט קודם כל
געגעבען די מעגליכקייט אויסצואַרבייטען אַ סך
ביליגע שטיינער און קויפען האָט זיי געקענט
ניט בלויז די רייכע אַריסטאָקראַטיע, נור אפילו
גאַנץ געוועהנליכע פערמעגליכע מענשען. דער
דימענט האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו זיין
אַן אַריסטאָקראַטישע שטאָלצע ציערונג. דער
פועל יוצא פון דער ענטדעקונג איז געווען, אַז
עס האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אַ גאַנצער
קלאַס דימענט־אַרבייטער, און אין יאָהר 1870
האָט זייער צאָהל בעטראָפען אין אַמסטערדאַם
אַליין ביז 3000; כ מ ע ט אַ ל ע ד י ע ז ע
א ר ב י י ט ע ר ז י י נ ע ן ג ע ו ו ע ן א י ד ע ן.

כאָטש אַמסטערדאַם איז געווען דער איינ־
ציגער אָרט, וואו די גאַנצע דימענט־אינדוסטריע
איז געווען ענטוויקעלט, האָבען זיך אָבער גע־
פונען אַ פּאָאר שטעדט אין אייראָפּאַ, וואו עס
איז אויך אָנגעגאַנגען דאָרט דער דימענט
מסחור, נור זיי זיינען געווען אבהענגיג פון
אַמסטערדאַם אין דער אויסאַרבייטונג פון דעם
דימענט, ווי, למשל, ווענעדיג, בריגע און אַנ־
דערע. אמביציעזער און פער׳עקשנ׳טער אין
דער הינזיכט איז געווען אַנטווערפּען. אַנט־
ווערפּען האָט ניט געוואָלט שפּיעלען די ראָלע
פון אַ ברענטש פון דער אַמסטערדאַמער בערזע;
די שטאָדט האָט אוועקגעלעגט מורא׳דיגע
אָנשטרענגונג אויף צו ענטוויקלען די דימענט־
אינדוסטריע אונאבהענגיג פון אַמסטערדאַם.
דאָס איז איהר געלונגען ערשט צום סוף פונ׳ם
ניינצעהנטען יאָהרהונדערט.

פאַר וואָס איז עס איהר פריהער ניט גע־
לונגען?

מען ברויכט ניט פערגעסען, אַז כאָטש
פ אָ ל י ט י ש האָט פריהער בעלגיען געהאַט
דעמזעלבען שיקזאַל ווי האָלאַנד, איז עס אָבער
אַנדערש געוואָרען אינ׳ם זעכצעהנטען יאָהר־
הונדערט. דעמאָלט האָבען זיך שוין די „פער־
איינינגטע פּראָווינצען“ געהאַט קאָנסטיטואירט
מיט ווילהעלם פון אָראַניען אַן דער שפּיץ, אַלס
שטאַאטהאַלטער, און אַנטווערפּען איז נאָך
אָבער כסדר געלעגען, מיט פערדריקטע ליפּען
און פערשטיקטען אטהעם, אונטער דער שפּאַ־
נישער הערשאַפט.

דער גורל, וועלכער איז אויסגעפאַלען אויף
די אידען, און שפּעטער, אויף די מאַראַנען אין
שפּאַניען, האָט זיי אויך אין אַנטווערפּען ניט
אויסגעמידען. אַלע אַנטווערפּענער מאַראַנען,
וואָס האָבען אין דער דאָזיגער שטאָדט געטריי־
בען דעם דימענט־האַנדעל, האָבען געלעבט אונ־
טער אַן אייביגען טעראָר. זיי זיינען קיינמאָל
ניט זיכער געווען, אַז מען וועט זיי ניט פערטריי־
בען פון לאַנד. ביי אַזעלכע אומשטענדען האָבען
די מאַראַנען, נאַטירליך, זיך דאָ ניט געקענט
בעפעסטיגען מיט פאַבריקען, און זיי פלעגען
כסדר, ביי דער ערשטער מעגליכקייט, זיך אריי־
בערקלייבען קיין אַמסטערדאַם.

אַנטווערפּען האָט אַלזאָ געפעהלט דער
אידישער קאַפּיטאַל און דער אידישער אונטער־
נעהמונגס־גייסט. דער דימענט־האַנדעל אין
אַנטווערפּען איז שטופּענווייז אַלץ מאָגערער
און טויטער געוואָרען. און פאַראַלעל מיט דעם
דאָזיגען אונטערגאַנג האָט די אַמסטערדאַמער
דימענט־אינדוסטריע אָנגענומען אַן אַלוועטלי־
כע אויסברייטונג; זי איז געוואָרען די איינ־
ציגע שטאָדט אין דער וועלט, וועלכע האָט גע־
שפּייזט און פערזאָרגט די רייכע עסטעטען מיט
ערדל־שטיינער.

.2

די אידישע אויסוואַנדערונג פון מזרח־
אייראָפּאַ געהט ניט בלויז אין אַמעריקאַ. זי
געהט אויך טיילווייז אין מערב און זאָגאַר אין
צפון מערב אייראָפּאַ.

אָנהויבענדיג זיך אין 1880, האָט זי זיך
פערשטאַרקט אין 1904־05, און פון דעמאָלט
אָן ביז היינט געהט זי אָן, אויב ניט אויסער־
געוועהנליך גרויס, דאָך אָבער אונאויפהערליך,

אונאונטערבראָכען. מען קען שוין אַנצעהלען אַ היבש ביסעל מערב אייראָפּעאישע שטעדט, וואו עס וואָהנען טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער מזרח־אידען. מאַנכע אַזעלכע שטעדט האָבען שוין שטאַרקע, רייך אָרגאַניזירטע אידישע קהלות, און דיזע קהלות האָבען זעהר אַ שטאַרקע השפּעה אויף די איינגעבוירענע אַסימילירטע אידען, וועלכע בעציהען זיך געוועהנליך גלייכגילטיג צו די וויכטיגסטע פראַגען.

איינע פון די וויכטיגסטע מערב־אייראָפּעאישע קהלות, וואָס בעשטעהט אפשר נאָך מעהר ווי פון 95% איינגעוואַנדערטע מזרח־אידען — איז אַנטווערפּען. אַנטווערפּען איז ניט נור די וויכטיגסטע, נור אויך די אָריגינעלסטע, די אייגענאַרטיגסטע אידישע שטאָדט צווישען פיעלע אַנדערע אין מערב־אייראָפּאַ.

אין אַלע אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע שטעדט זיינען די אידישע איינוואַנדערער הויפּטזעכליך פּעדלער און לוין־ארבייטער, וועלכע ארבייטען נאָך דערצו פאַר זעהר ביליגע פּרייזען. ספּעציפיש אידישע אינדוסטריען האָבען זיך דאָרט ניט ענטוויקעלט; זיי מוזען זיך צופּאַסען צו די אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע בעדינגונגען פון לאַנד. זיי קענען שוין איצט גאָרניט איבערמאַכען, זיי מוזען קעמפּפען פאַר זייער עקזיסטענץ מיט דיזעלבע מיטלען און געוועהר ווי זייערע ניט־אידישע שכנים.

אַנדערש איז אָבער אין אַנטווערפּען.

די ערשטע אידישע מאָדערנע איינוואַנדערונג אין אַנטווערפּען האָט דאָרט פערפלאַנצט אַ אינדוסטריע, וואָס איז נאָך מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, און אויך היינט, זייערס אַן אייגענעם. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט'ן דימענט־האַנדעל, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ מין אידישע „ירושה“. דער וואוקס פון דער דימענט־אינדוסטריע אין אַנטווערפּען האָט זיך אָנגעפאַנגען אין די 80ער יאָהרען פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט און האָט ביים היינטיגען טאָג דערגרייכט איהר העכסטע שטופע.

נאָך אַלע וואַהרשיינליכקייטען, האָבען די אידישע איינוואַנדערער קיין אַנטווערפּען מיט 20־30 יאָהר צוריק געמוזט זיין, אָדער גרויסע קאַפּיטאַליסטען, אָדער, וואָס ס'איז נאָך מעגליכער, אויסערסט פעהיגע ספּעקולאַנטען, מיט אַ ברייט־ענטוויקעלטען סוחרישען חוש. וויפיעל זייער צאָהל איז געווען און ווי ווייט עס האָט דערגרייכט זייער מסחר — דאָס איז אונז ניט געלונגען די ריכטיגע ציפער צו בעקומען. מיר וויסען נור, אז אין יאָהר 1895 איז שוין אין אַנטווערפּען געווען 500 דימענט־ארבייטער, און אַלע, כמעט אויסשליסליך, ניט־אידען.

פאַרוואָס איז דעמאָלט קיין אידישע ארבייטער ניט געווען?

דאָס קען ערקלעהרט ווערען דערמיט וואָס די אידישע עמיגראַציע אַהינצו האָט דעמאָלט געהאַט אַ מאָדערנעם כאַראַקטער. איין פאַמיליע האָט אַראָבגעבראַכט אַ צווייטע, און די צווייטע נאָך אַנדערע צוויי. די גרויסע היים־זוכענדע מאַסע האָט פון דער דאָזיגער שטאָדט ניט געוואוסט, און עס איז אפשר זעהר מעגליך, אז דאָס ביסעל „וואָהלהאַבענדע“ אידען, וואָס האָבען זיך דאָ בעזעצט, האָבען גאָר ניט אזוי שטאַרק געוואָלט, אז די גאַנצע אידישע וועלט זאָל וויסען, אַז מען קען דאָ, ביים דימענט־מסחר, אָבלעקען אַ פעט ביינדעל און אַז די רעגיערונג האָט די ניי־אָנגעפאָהרענע ניט אפילו אין זין; אָבער צי האָט זי דאָס געוואָלט, אָדער ניט, האָט זיך אַלענפאַלס די אידישע בעפעלקערונג מיט יעדען יאָהר פערדאָפּעלט און פערמעהרט.

ניט קוקענדיג אויף דער פערמעהרונג, האָבען זיך אָבער כמעט אַלע געשטופּט ארום דער בערזע; מיט די קלענסטע סומען אין דער וועלט האָבען די פריש צוגעקומענע אָנגעהויבען ווערען דימענט־סוחרים, און טאָמער האָט שוין איינער גאָר קיין געלד ניט געהאַט, איז ער אויפ'ן לעצטען פאַל געוואָרען אַ דימענט־מעקלער. אריינגעפאַלען אין דער פאַבריק אַריין איז נור אַ לאַ־יצלח, וועלכער איז ניט פעהיג געווען צו מאַכען געשעפטען אויף צעהנדליגע טויזענדער, ניט האָבענדיג קיין סאַנטים אין קעשענע.

אזוי ווי ארבייטער האָט מען אָבער געמוזט האָבען, און וואָס אַ יאָהר טאַקע אַלץ מעהר, האָבען זיך אָנגעבאָטען צו דער ארבייט ניט־אידען, אַנטווערפּענער געבאָרענע. דער אידישער סוחר האָט זיי גערן אָנגענומען, און זייער צאָהל האָט אָנגעהויבען שטייגען אין די טויזענדער.

.3

אויב אַ סך אידישע אָרימע־לייט „ווילען“ זיך ניט פּראָלעטאַריזירען — קומען אָבער מאָמענטען, ווען זיי מוזען זיך פּראָלעטאַריזירען. זעלבסטפערשטענדליך, האָט אַ גרויסער טייל פון די מעקלער און הענדלער ניט געקענט לאַנג אויסהאַלטען, ראַנגלענדיג זיך מיט'ן חלות ארום בריליאַנטען. ס'האָט זיך אַלזאָ פון זיי אָנגעהויבען שטופּענווייז אויסטיילען אַ קלאַס, וואָס קיין נאָמען פאַר איהם האָב איך ניט געקענט צוקלויבען ביז איצט — נור מיר ווילען איהם אָנרופען פּראָלעטאַרישע פאַבריקאַנטען. ד. ה. מיט אַנדערע ווערטער, אַז דאָס זיינען ניט קיין פּראָלעטאַריער און ניט קיין פאַבריקאַנטען.

וואָס דען איז עס?

בעת די פאַבריק־פייפעל הייסט אַלעמען געהן אויף מיטאָג און יעדער ארבייטער געהט זיך אַהיים אויסרוהען אויף צוויי שעה, און

ווען ער וויל פערגעסען אן די ברודיגע נודנע שטיינער, וואס בלישצען אזוי שעהן פאר דער וועלט — אין דער דאזיגער צייט כאפט דער „פראלעטארישער פאבריקאנט“ אויף זיך זיין קאלנער, גיט זיך א טאפ ביים בוזים־טאש צי עס ליגט דארט זיין דימענט פארטפעל און לויפט אהן אטהעם . . . אין דער בערזע אריין. אין די צוויי שעה, וואס אלע ארבייטער עסען רוהיג, איז ער א סוחר. דעמאלט האנדעלט ער איין פאר זיך „סחורה“ אויף צו ארבייטען אדער ער האט שוין פאר זיך אויסגעארבייט סחורה און ער וויל זיי דא איצט פערקויפען.

און אט אויף אזא אופן האט זיך ביסלעכווייז קלאסיפיצירט די אידישע בעפעלקערונג לויט די פאלגענדע עקאנאמישע אונטערשיעדען:

די גרויסע אידישע פאבריקאנטען האבען בעשעפטיגט און בעשעפטיגען הויפטזעכליך ניט אידישע ארבייטער, וואס זיינען אי שטארק בעוואוסטזיניג, אי שטארק דיסציפלינאריש ארגאניזירט און אויף ערשטע קלאסע ארבייטער. אויף די ערשטע צוויי מעלות האבען די פאבריקאנטען זעלבסט פערשטענדליך קיין איבריג געוויכט ניט געלעגט. דערפאר איז זיי אבער וויכטיג געווען די דריטע מעלה: גוטע ארבייטער.

די יאהרען 1904—1905 האבען אבער דא אהערגעבראכט גאנצע קאמפאקטנע מאסען, וועלכע האבען שוין אין זיך ניט געהאט די קרעמערישע אידעאלאגיע פון די ערשטע איינגעוואנדערטע; זיי האבען שטארק געוואלט ארבייטען און ערנסט ארבייטען אבי צו קענען לעבען. און דא האבען די „פראלעטארישע פאבריקאנטען“ אנגעהויבען שפיעלען א וויכטיגע ראלע לויט זייער צאהל. אזא פאבריקאנט האט אנגעהויבען בעשעפטיגען די נייע אויסגעלערנטע דימענט ארבייטער עקספלואטירענדיג זיי און ארונטער דריקענדיג דעם ארבייטס־לוין אויף א שרעקליכען אופן. אין דעם זיינען אפשר די „פאבריקאנטלעך“ גאר ניט אזוי שולדיג געווען; מחמת זיי האבען קיינמאל ניט געקענט פון׳ם שטיין ארויסציהען אט דעם מאקסימום פראפיט, וואס עס בעקומט פון איהם דער גרויס־פאבריקאנט.

מחמת דעם ביליגען ארבייטס־פרייז און הויפטזעכליך אפשר צוליעב דעם, וואס זיי זיינען ניט פעראייניגט, ניט ארגאניזירט, האבען די אידישע ארבייטער ביסלעכווייז אנגעהויבען גילטען אלס פושער, טאנדעטניקעס און ביז צום היינטיגען טאג וועט זיך נאך דער נאציאנאליסטישער אידישער גרויס־פאבריקאנט אבשרעקען אנצונעהמען אין זיין פאבריק א אידישען ארבייטער.

און טאמער קומט א קריזיס־צייט — דער דאזיגער גאסט בעזוכט די דימענט אינדוסטריע אזוי אפט ווי מעגליך — דאן לויפען זיי ארום, די אידישע ארבייטער, ווי פער׳סמ׳טע און פערדינגען זיך אויף סקאנדאליעזע פרייזען. ווייל ביי א קריזיס *מוזען* זיי זיין די ערשטע קרבנות; מחמת דעמאלט ווערען געקאשעט די קליינע פאבריקאנטלעך ווי היי. דער גרויסער פאבריקאנט אבער קען עס נאך איבערטראגען און לאזט זיינע ארבייטער ליידיג ניט ארומגעהן. אין אלגעמיין איז אן ארבייטער, וואס איז א מיטגליעד אין „דימענטשלייפערבונד“, כמעט שטענדיג פערזארגט מיט ארבייט און א רייכער פאבריקאנט איז שטענדיג צופריעדען צו בעצאהלען טהייערער, אבי זיינע ארבייטער זאלען זיין ארגאניזירט; ווייל ער איז אויף אזא אופן זיכער, אז ער איז א סאלידער ארבייטער.

צי איז אבער דער אידישער ארבייטער טאקי אזא פושער?

צי איז זיין אונפעהיגקייט שולדיג דערין, וואס כאטש זייענדיג א דימענט ארבייטער מוז ער שטענדיג בעטראכט און בעהאנדעלט ווערען ווי א לומפענפראלעטאריער?

און מיר וועלען ענטפערען:

יא, דער אידישער דימענט־ארבייטער איז א פושער, א שרעקליכער פושער —אבער פון א גאנץ אנדער פארם; ער פושט ניט די עצם ארבייט, נור דעם *ווערטה* פון דער ארבייט. ער בעזיצט ניט דעם נויטיגען שטאלץ און בעוואוסטזיניגקייט, וואס עס האט דער ניט־אידישער שלייפער. די נשמה פון אידישען ארבייטער איז לחלוטין אן אונטערטהעניגע, א נאכגיביגע און אפשר איז דאס די הויפט אורזאך, וואס דער ניט־אידישער ארבייטער האלט זיך אזוי ווייט פון׳ם אידישען. דער „דימענטשלייפערבונד“ בעטראכט דעם אידישען ניט ארגאניזירטען ארבייטער עלעמענט אלס געפאהר פאר זיינע אינטערעסען. די קריסטליכע ארבייטער זוכען אלע מעגליכקייטען, איהם וואס ווייטער צו האלטען פון זייער ארגאניזאציע. מען וויל די אידען פשוט דארט ניט אריינגעהמען. און כאטש אין אנטווערפען זיינען היינט דא ביז 10,000 דימענט־ארבייטער און פון זיי ניט מעהר ווי 4000 ארגאניזירטע, זיינען די לעצטע דאך די פאקטישע הערשער אויפ׳ן ארבייטס־פעלד און זיי בעטראכטען די איבריגע 6000 ווי אורחים, אונגעבעטענע געסט, וועלכע ברויכען זיך בעגניגענען מיט׳ן אבפאל, מיט׳ן פסולת פון דער דימענט־פאבריקאציע. דער דאזיגער פערבאנד איז אן „אונפארטייאישער“ פראפעסיאנעלער פעראיין (כאטש מיט א סאציאליסטישער טענדענץ) און האט אלס מיטגליעדער 40% פון אלע ארבייטער — צי האבען אבער די איבריגע 60% אליין א קלער געטהון וועגען ארגאניזירען זיך?

יא, זיי האָבען געקלעהרט — און געבליבען ביים קלעהרען.

און צי קענען זיי דען עפּעס מעהר אויפטהון ווי קלעהרען? עס פעהלט דאָך זיי די עלעמענטאַרסטע בעוואוסטזיניגקייט פון אַן ארבייטער. אין זייערע רייהען האָט זיך נאָך ביז איצט ניט געפונען קיין איינציגער, וועלכער זאָל מיט אַ ביסעל אַן ענערגישער שטים זיי אַ וועק טהון, אויפריהרען, צונויפזאַמלען. יעדער איינציגער לעבט פאר זיך און זאָרגט נור פאר זיך.

ווי קען אַ מענש, וואָס זיין אידעאַל איז אַוועקצואוואַרפען די מלאכה און גאָר ווערען אַ דימענט־קרעמער, ווי קען אַזאַ מענש זאָרגען וועגען אַ פּראָפעסיאָנעלען פעראיין? און דאָך אַ דאנק דעם אידישען ארבייטער־עלעמענט האָט די דימענט־אינדוסטריע אָנגענומען אַזאַ געוואַלדיגע אויסברייטונג אין אנטווערפען, אַז זי פערנעהמט שוין באַלד דעם אויבענאָן פון אנטווערפענס איבריגע רייכטהימער.

ביי אַלעם דעם זעהט מען ניט ביי די אידישע דימענט־ארבייטער קיין קולטורעלע טהעטיגקייט. און אויב זי איז ערגיץ יאָ פאַרהאַן, איז זי אַזאַ קליינבירגערליכע, פונקט ווי זייער פּסיכאָלאָגיע. עס קומט אויס אמת שווער צו גלויבען, אַז אין די רייהען פון די אידישע דימענט ארבייטער וועט קענען עפּעס געטהאָן ווערען. מען קלייבט זיך ענדליך, ווי עס ווייזט אויס, דאָרט דורכברעכען די גלייכגילטיגקייט. אויב מען וועט עס טהאָן — זאָל זיין מיט ערפאָלג.

עס זיינען אָבער דאָ אַזעלכע וואָס צווייפלען . . .

— יענע ליגט אין זין די בערזע און איהר טומעלט אַ קאָפּ מיט קלאסענבעוואוסטזיין.

לעאָן קאָברין

טהיר נומער 2

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)

(שלום)

4.

עטליכע מאָנאַט זיינען פאַראיבער. מאַקס און פריידעל זיינען געווען גליקליך. זיינען געגאַנגען אמאָל אין אידישען טהעאַטער און האָבען דאָרט אַפּלאָדירט די שעהנע, „עהרליכע“ מענשען אויף דער ביהנע, בעזאָנדערס ווען יענע האָבען געגוואַלדעוועט מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזען. . . האָבען בעזוכט לעקציעס און אזוי מאַסען־פערזאַמלונגען און דאָן האָט מאַקס איהר ערקלערט אויף זיין בעזונדערען שטייגער, אין וואָס ער איז איינפערשטאַנען מיט'ן לעקטשורער אָדער רעדנער און אין וואָס ניט. זי איז אַלע מאָל געווען איינפערשטאַנען מיט איהם, מיט מאַקס'ען, כאָטש זי האָט איהם זעלטען־ווען פערשטאַנען, און האָט גרויס דרך ארץ געהאַט פאַר זיינע שווערע „וויסענשאַפטליכע“ ווערטער, וועלכע האָבען זיך פון זיין מויל געשאָטען צו'הרג'עטע, צוקאַליעטשעטע, אַלע מאָל אָהן א סדר, אָבער קיין מאָל ניט מיט דער אבזיכט, צו ווייזען, וואָס ער קען, אָדער ריכטיגער, וואָס ער קען ניט, אַלע מאָל עהרליך און אויפריכטיג. . . ער האָט אויף זיין בעזונדערען שטייגער געדענקט און פערשטאַנען די שווערע ענינים, וועגען וועלכע די לעקטשורערס האָבען גערעדט און די שרייבער האָבען געשריעבען, אויפגעכאַפּט די שווערע ווערטער ביי זיי און דערנאָך ארויסגעשאָטען זיי אויף זיין בעזונדערען שטייגער. וואָס שווערער א לעקטשורער האָט גערעדט און א שרייבער האָט געשריעבען, אַלץ מעהר דרך ארץ האָט ער פאַר זיי געהאַט, אַלץ גרעסערע וויסענשאַפטס־לייט זיינען זיי געווען אין זיינע אויגען. גאַנץ אָפט איז ער געזעסען אין איהר צימער און איהר פאָרגעלעזען אויפ'ן קול די שווערסטע אַרטיקלען פון דער „צוקונפט“, צי פון דער אַלטער „פרייע געזעלשאַפט“ און האָט זיי איהר ערקלערט, און פערטייטשט, אָדער „בעלייכטעט“ — ווי ער אליין פלעגט זאָגען. אַמאָל האָט ער פאר איהר פאָרגעלעזען בעלעטריסטישע זאכען — אגב נאָך מיט מעהר הנאה, ווי די וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען — אָבער אַלע מאָל די בעסטע, די אמת רעאַליסטישע, אָדער ווי ער פלעגט ארויסריי־

דען: „רילאַאיסטישע“... און אמת רעאַליסטישע האָבען ביי איהם געהייסען אַזוינע ערצעהלונגען, צי ראָמאַנען, וואָס האָבען אָפּען בעהאַנדעלט די געשלעכטליכע פראַגע. און דערפאַר זיינען געוועזען א טאָלסטאָי, א זאָלאַ, א מאַפּאַסאַן און מאַנכע אידישע שריפטשטעלער גרויסע שרייבער. אמת, אַמאָל, ווען ער האָט געלעזען א שונד־ראָמאַן און דאָרט געטראָפען אַזאַ סצענע נאָך אָפענער געשילדערט, האָט ער זיך דאַן געוואונדערט: שטייטש, אזוי „רילאַאיסטיש“, הייסט וואָרום זאָגט מען עפּעס, אַז דאָס איז שונד!... האָט ער זיך דאַן געוואונדערט און אויף דעם קיין ענטפער ניט געפונען...

און ווען ער האָט פאַר איהר געלעזען די דאָזיגע זאַכען, האָט ער איהר דאַן אויך ערקלערט, אָבער מעהר מיט זיינע שטאַרקע, מעכטיגע הענד... יעדעסמאָל נאָך אַזאַ רעאַליסטישע זאַך האָט זי געפיהלט ווי אַלע אברים טהוען איהר וועה... אזוי געזונד און מיט אַזאַ פייער האָט ער איהר ערקלערט...

אין׳ם הויז איז ער איצט שוין פערעכענט געוועזען ווי איינער פון דער פאַמיליע, האָט דאָרט געגעסען און געטרונקען און אַלע דאָרט האָבען איהם ליעב געהאַט און פון איהם נחת געקליבען.

נור איין ברכה האָט איהם פיינד געקראָגען. אָנקוקען איהם ניט געקענט, ווי כמעט יעדען אינ׳ם הויז, זינט פריידעל איז א כלה געוואָרען. זי איז איצט יעדען אבענד אין דער גאַס־טהיר געשטאַנען און דעם שעהנעם יונגענמאַן אָפּגעוואַרט. זי האָט איהם אָבער ניט געזעהן. אפּנים, ער איז פערנומען געוועזען אין זיין געשעפט. איז זי געשטאַנען, ביז איהר איז גוט קאַלט געוואָרען, דערנאָך איז זי אַוועק ערגעץ אין א פינף סענטיגען טהעאַטער, געזעהן דאָרט „מואווינג פיקטשורס“, געהערט ליעדלאך און אויף אַזאַ אופן געזוכט אויסצופילען די פוסטקייט אין איהר האַרצען, געזוכט איהר בענקעניש צו דערשטיקען...

* * *

און מיט אמאָל איז מען אין דעם דאָזיגען הויז אונרוהיג געוואָרען. מאַקס האָט ערקלערט, אז ער פערלאַנגט „פרייע הייראַטה“, אָהן א חופּה הייסט עס... ביי פריידלען וואָלט ער דאָס אפשר גע׳פּועל׳ט, נור איהר מאַמע האָט ערקלערט, אז ווען מען זאָל איהר אפילו אָנשיטען א פולע הויז מיט גאָלד, וועט זי דאָס ניט דערלאָזען. דערביי האָט זי אויפגעהייבען אַזאַ יאָמער, אקוראַט ווי מען וואָלט פון איהר פערלאַנגט, אז איהר פריידעל זאָל זיך שמד׳ן, אָדער שטאַרבען. נחום איז אויך צומישט געוואָרען: וואָס הייסט אָהן א חופּה? אמת, ער איז טאַקע א פרייער מענש, אַן אויפגעקלערטער, אָבער א חתונה דאַרף זיין ווי געהעריג איז.

מען מאַכט איין מאָל חתונה א קינד. אָהן א חופּה איז עפּעס גאָר קיין חתונה ניט. עס ווילט זיך אַמאָל אין לעבען אַ טאַנץ טהאָן אויך. וואו זאָל מען אַ טאַנץ טהאָן, ווען ניט ביי אַ קינד אויף דער חתונה?... און ווידער טאַקע אז מען האָט חתונה מיט א חופּה איז מען עפּעס מעהר מאַן און ווייב פאַר לייטען אויך. אויפגעקלערט הייסט, אויפגעקלערט מאָרגען, נור א קינד איז א קינד און מען קען ניט, מיר נישט דיר נישט, כאַפּ־לאַפּ, און שוין מאַן און ווייב!..

אָבער מאַקס האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט: ביי איהם איז נישטאָ קיין „מאָנקי ביזנעס“, ער איז א פּרינציפּיעלער מענש. אומזיסט האָט איהם דזשעק אָנגעוויזען אויף זיך אליין: ער, דזשעק הייסט עס, איז אויך א מענש מיט פּרינציפּען, פונדעסטוועגען האָט ער חתונה געהאַט מיט א חופּה. מאַקס האָט איהם געענטפערט:

— דו ווייסט אזוי פיעל אין פּרינציפּען וויפיעל דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון רחמנות און יושר...

האָט זיך לאה׳קע, דזשעק׳ס ווייב, דאַן אויך אריינגעמישט:

— און אז מיר האָבען חתונה געהאַט מיט א חופּה, ליעבען מיר דען דערפאַר ניט איינער דעם אַנדערן?...

— און איך וויל חתונה האָבען אָהן די פיער פלעקלאך — האָט מאַקס געענטפערט — איך בין ניט קיין היפּאָקריט. ווען איך זאָל ניט האַנדלען פּרינציפּיעל און רעוואָלוציאָנער, מעג מיך דאַן דער טייפעל נעהמען!...

— אָבער מען דאַרף דאָך האָבען רחמנות אויך — האָט מירקע זיך געווענדעט צו איהם מיט א געוויין — איך וועל דאָך אַזאַ זאַך ניט איבערלעבען!...

מאַקס האָט געענטפערט, ציהענדיג די ווערטער, אזוי ווי ער פלעגט ריידען אין זיין יוניאָן:

— דאַרפט איהר זיין ניט אזוי נאַריש, ניט אזוי פאַנאַטיש, ניט אזוי בלינד; איהר דאַרפט אָנהויבען צו פערשטעהן, צו בעגרייפען, אריינדרינגען אין דעם גייסט פון אַזאַ טהאַט, פון אַזאַ האַנדלונג, וואָס־וועלכע יעדער קאָנסעקווענטער, אמת׳ער רעוואָלוציאָנער מיט „קאָמפּראָמיסלאָזע“ פּרינציפּען און ניט קיין היפּאָקריט מוז האַנדלען אזוי „קאָמפּראָמיסלאָז“ און ניט ווי א גאָט פערדאַמטער היפּאָקריט!...

— וואָס זאָגט ער, האַ? — האָט מירקע זיך געווענדעט צו איהר מאַן.

— נישטאָ וואָס צו הערען! — האָט נחום פלוצים אויסגעשריען מיט אַזאַ כעס, וואָס קיינער וואָלט פון איהם קיינמאָל ניט ערוואַרטעט:

— מאַקס, קענסט געהן! זי וועט זיך קריגען אַן אַנדער חתן!...

— אָלל רייט — האָט מאַקס ארויסגעמורמעלט — איך געה!

און ער איז אוועק מיט אן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ.

פריידעל איז אריין צו זיך אין צימער און האָט זיך צעוויינט. ברכה, וועלכע איז געווען דערביי, בעת דער געשפּרעך מיט מאַקס'ען איז פאָרגעקומען, האָט איהר פרייד ניט געקענט פערבעהאַלטען און אַזש גענומען זינגען אַ פרעהליך, ציניש ליעדעל, וואָס זי האָט געהערט אין דעם ביליגען טהעאַטער, ביז לאה'קע, וועלכע האָט פערשטאַנען, פאַרוואָס זי פרעהט זיך, איז אויף איהר אָנגעפאַלען און זיך גענומען מיט איהר קריגען. נחום איז ארומגעגאַנגען אַ צומישטער. מירקע האָט זיך פערדרוקט אין אַ ווינקעלע און געווישט די אויגען. אפילו אסתר'קע האָט געקוקט ארום זיך צושראָקען. לואי איז אינ'ם שטוב ניט געווען און שפּעטער, ווען ער איז אין הויז אריין, האָט ער גלייך דערשמעקט, אַז עפּעס איז דאָרט ניט גלאַט, איז ער צוגעגאַנגען צו לאה'קען און ביי איהר אַזוי לאַנג געפרעגט, ביז זי, וועלכע איז געווען איצט אין כעס, האָט איהם אַ שטויס געטהאָן פון זיך. דאַן איז ער אַוועק שלאָפען.

שפּעט ביינאַכט איז בעני, דער סטודענט, פון דער אַרבייט געקומען, אַ בלאָנדער, בלייכער, מאָגערער יונגערמאַן. נחום האָט אויף איהם געוואַרט. ער האָט איהם דערצעהלט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. בעני האָט אויסגעהערט דעם פאָטער, דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— איך האָב דאָס ערוואַרטעט... איך וועל מאָרגען זיך מיט איהם זעהן... אפשר... איך וועל פּרובען . . .

אויף מאָרגען האָט זיך בעני מיט איהם געזעהן. עס האָט ניט געהאָלפען. מאַקס האָט גע'טענה'ט, אַז ער איז ניט קיין היפּאָקריט און וויל האַנדלען לויט זיינע פּרינציפּען...

פריידעל איז געווען פערצווייפעלט, האָט ניט געגעסען און ניט געקענט שלאָפען.

אין אַ צוויי טעג אַרום האָט זיך מאַקס ווידער בעוויזען ביי זיי אין הויז. ער איז אַריינגעקומען בלייך און פער'מרה־שחורה'ט און האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל. אַלע אין'ם הויז האָבען זיך דערפרעהט, ווען זיי האָבען איהם דערזעהן, האָבען אָבער זייער פרייד ניט אַרויסגעוויזען, נור זיך דורכגעוואונקען מיט די אויגען.

זיי האָבען איהם געבעטען עסען, ער האָט ניט געוואָלט. טרינקען אַ גלאָז טהעע, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

דאַן האָט מירקע זיך אָנגערופען:

— זעה, מאַקס, וואָס פון פריידעלען איז געוואָרען און דו זאָגסט נאָך, אַז דו האָסט זי ליעב! . . .

מאַקס האָט אַרויסגעמורמעלט:

— איך לייד ניט ווייניגער פון איהר... מיר לײדען ביידע . . . איך געה אַרום אָהן אַ קאָפּ . . . איך האָב שוין צוויי טעג ניט געגעסען . . .

— היינט פאַרוואָס ביזטו אַזאַ עקשן? — האָט נחום זיך אָנגערופען.

— אַן עקשן? פאַרוואָס? ווייל איך בין אַ פּרינציפּיעלער מענש? ווייל איך האָב מיין „אַנשויאונג?" — האָט מאַקס כמעט אַרויסגעקרעכצט.

דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— הערט אויס . . . גוט! מיר וועלען אָנשרייבען אַ בריעף אין אונזער צייטונג וועגען די גאַנצע געשיכטע און פרעגען ביי איהר אַ ראַטה און ווי זי וועט ראַטהען, אַזוי זאָלען מיר טהאָן. זייט איהר איינפערשטאַנען? . . .

אויף דעם האָבען אַלע מסכים געווען. די צייטונג וועט, חלילה, ניט הייסען טהאָן קיין עולה. זיי האָבען יעדען טאָג געלעזען די עצות פון דער צייטונג און האָבען אין איהרע עצות געגלויבט, ווי פרומע אידען אין די עצות פון אַ גוטען אידען . . .

— נור דעם אמת זאָל מען איהר שרייבען — האָט נחום געזאָגט — דעם גאַנצען ריינעם אמת. דעמאָלט וועט זי געבען אַ ריכטיגע עצה . . .

— און וועגען די יסורים פון מיין האַרצען זאָלט איהר אַריינשרייבען — האָט מירקע זיך אַ כאַפּ געטהאָן — אַי, אַז איך אַליין וואָלט געקענט שרייבען! . . .

און מאַקס האָט זיך געזעצט שרייבען דעם בריעף, איז געזעסען איבער אַ שטונדע און האָט צום סוף איהם אָנגעשריעבען. אַלע האָבען זיך ארום איהם אַרומגעשטעלט, ברכה אויך, און ער האָט גענומען לעזען:

„איך און די אויסגעוועהלטע מיינע, וואָס־וועלכע איך וויל מיט איהר מיין צוקונפט פערבינדען, זיינען פרייע גייסטער, וואָס־וועלכע שטרעבען מיט אונזער צוקונפטס־שיף צו דער פרייער געזעלשאַפט אָהן צוואַנג און אָהן שקלאַפעריי און וואָס־וועלכע ווילען לעבען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט פון קאַפּיטאַליסטישער היפּאָקריטסטווע קאָמפּראָמיסלאָז און פּרינציפּיעל לויט אונזערע פּרינציפּען און אַנשויאונגען. די עלטערען איהרע פאָדערען די פּיערשטעקענס מיט אַ חופּה. אַניט קעמפּפען זיי געגען אונזער פעראייניגונג. איך לייד שרעקליך און מיין אויסגעוועהלטע ליידעט אויך שרעקליך און אויף איהרע עלטערען איז אויך אַ מיטלייד, וואָרים זיי זיינען דאָך ניט שולדיג, וואָס אין זייערע קעפּ איז נאָך פינסטער . . . האָבען מיר זיך פערלאָזען אויף אייך און ווי איהר וועט אונז ראַטהען אַזוי וועלען מיר טהאָן . . ."

ער האָט זיך אַרומגעקוקט:

— נו? ווי געפעלט אייך דער בריעף?

— און וואו זיינען מיינע יסורים, מאַקס ?

— האָט מירקע זיך אַ כאַפּ געטהאָן מיט טרערען אין׳ם קול — די ציימונג זאָל וויסען, אַז ווען איהר שטעלט ניט, חלילה, קיין חופּה, וועל איך דאָס ניט אויסהאַלטען, איך וועל שטאַרבען. שטעל דאָס אַריין, מאַקס, דעמאָלט וועט זי רחמנות האָבען אויף מיין לעבען ! . . .

מאַקס האָט צוגעשריעבען :

„און איהר מוטער זאָגט, וואָס־וועלכע קעמפּפט מעהר פון איהר פאטער, אַז זי וועט בעגעהן זעלבסט־מאָרד, אויב מען וועט קיין חופּה ניט שטעלען . . .“

— אַז איך וועל פּלאצען, אַז איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען — האָט איהם פּעררי׳כט מירקע — אָט דאָס שרייב ! . . .

מאַקס האָט נאַאיוו געענטפערט :

— נו, וואָס פאַר אַן אונטערשיעד, ווי אַזוי איהר וועט שטאַרבען : צי פּלאצען, צי אנדערש, אַבי עס וועט זיין אַ זעלבסט־מאָרד. און דאָס האָב איך קלאָר געשריעבען . . .

דערנאָך איז ער אַוועק מיט פריידלען, אַריינוואַרפען דעם בריעף. דאַן האָט יעדער גענומען בעטען אין הארצען, אַז די ציימונג זאָל געבען די ריכטיגע עצה.

ברכה איז געשטאַנען פערטהאָן אין זיך. עס איז איהר פּלוצים איינגעפאלען, פאַרוואָס זאָל זי אויך ניט אַריינשרייבען אין איהר ציימונג. זי לעזט דאָרט יעדען טאָג, ווי חתנים זוכען דאָרט כלות און כלות חתנים, פאַרוואָס האָט זי דאָס ביז היינט ניט געטהאָן ? . . . אוי, א גלאמפּ ! . . . און טאקי אויסריידען דאָס הארץ אויך. אפשר וועט ווער רחמנות האָבען ! . . .

און זי איז אַריין צו זיך אין צימער מיט׳ן טינט און פעדער, גענומען פּאַפּיער, געזעצט זיך אויף׳ן בעט, צוגערוקט צו זיך דעם קליין טישעלע און גענומען שרייבען :

„איך בין פינף יאָהר אין אַמעריקא“ — האָט זי געשריעבען — „קום פון מינסק. איך האָב דאָ ניט קיין עלטערן און קיין פריינד. איך בין דאָ עלענד ווי אַ שטיין. איך פערגעה דאָ פאַר בענקעניש נאָך אַ היים. איך וועל קענען זיין א גוטע פרוי און א גוטע בעל הבית׳טע צו אַ מאַן. מעג ער זיין ניט קיין שעהנער, ניט קיין רייכער, נור א עהרליכער אַרבייטער . . .“

זי האָט אַ טראַכט געטהאָן, דאַן האָט זי ווייטער געשריעבען :

„און ער מעג זיין אפילו א אלמן, אָבער אָהן קינדער . . .“

זי האָט ווידער אַ טראַכט געטהאָן :

„און ער מעג זיין אפילו אַן עלטערער (זי האָט עס אויסגעמעקט און עס דערנאָך ווידער אָנגעשריעבען), איך וויל יעדען זיין אַ גוטע ווייב. איך בין עלענד ווי א שטיין (איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען און זיי האָבען פאַרשטעלט פאַר איהר די בוכשטאַבען. דאַן האָט זי אָבגעווישט די אויגען און ווייטער געשריעבען). קיין געלד האָב איך ניט, נור אַ ווארימע הארץ און א גוטען כאַראַקטער. איך בין אַלט . . . (זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען טראַכטען. דאַן האָט זי אָנגעשריעבען „25 יאָהר“ און באַלד פון דעם פינף געמאַכט אַ דריי. זי האָט געשריעבען ווייטער :) איך בין אַ געזונדע, וועג 170 פונט און ווען איך וואָלט אַזוי פיעל ניט געליטען, וואָלט איך נאָך מעהר געוואויגען. איך לייד זעהר שטאַרק, ווייל איך בין עלענד ווי אַ שטיין“.

זי האָט זיך אונטערגעשריעבען :

„די בענקענדע.“

אויף מאָרגען האָט זי איהר בריעף אויך אַוועקגעשיקט. איהר בריעף איז ערשיענען אין איהר ציימונג פריהער ווי מאַקס׳עס בריעף אין זיין ציימונג. און זי האָט גענומען וואַרטען, אַז עמיצער זאָל זיך אָפּרופען אויף איהם. יעדען פאַרנאַכט, ווען זי איז פון דער אַרבייט געגאַנגען, האָט זי מיט אַ קלאַפּענדיגען הארצען איהר ציימונג געקויפט און געזוכט דאָרט, אַז עמיצער זאָל זיך אָפּרופען אויף דעם בריעף פון „די בענקענדע“, אָבער קיינער, קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען, אקוראט ווי איהר בריעף וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געדרוקט געווען. איצט איז זי נאָך מעהר פערצווייפעלט געווען. אַנדערע ענטפערט מען דאָך. פאַרוואָס ניט איהר !...

אַ פּאָאָר מאָל האָט זיך איהר גע׳חלום׳ט, אַז זי האָט געקראָגען בריעף פון יונגע לייט און זייערע פאָטאָגראַפיעס מיט אַ פאָרשלאַג, און איינמאָל האָט זי זאָגאר דערקענט אין אַ פאטאגראַפיע דעם שעהנעם יונגענמאַן, וועלכער האָט געוואָהנט מיט זיין מוטער און שוועסטער אין דער טיר נומער דריי. דערנאָך אָבער, אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך די ווירקליכקייט איהר אויסגעוויזען נאָך פינסטערער...

יענע האָבען אויך מיט אונגעדולד ערוואַרטעט זייער בריעף אין דער ציימונג.

מאַקס איז געווען אונרוהיג, טאָמער הייסט איהם די ציימונג בלייבען „קאַפּראָמיסלאָז“, ער האָט זיין אונרוהיגקייט אָבער ניט אַרויסגעוויזען. פריידעל האָט אויך פאַר דעם געציטערט און שטילינקערהייט האָט זי צו דעם גאָט, וואָס האָט אין איהר הארצען געלעבט, געבעטען :

„גוטינקער גאָט, האָב רחמנות, לעג זיי דאָרט אַריין די ריכטיגע עצה . . .“ און איהר מאַמע מירקע האָט אַ סך מאָל גערעדט צו נחום׳ן :

— טאָמער וואָלטען מיר צוגעגאַנגען צו דער ציימונג און זי געבעטען, הא ?

ביז איינמאָל אַ זונטאג גאַנץ פריה, ווען אַלע האָבען נאָך געשלאָפען, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּען אין זייער טיר.

נחום האָט געעפענט. מאַקס איז אַריינ־

געלאָפּען, פּאָכענדיג מיט דער צייטונג אין דער־הויף, און דער פּנים האָט ביי איהם געברענט פלאַם־פייער און ער האָט אין גאַנצען געשמייכעלט. ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן נחום׳ס האַנד מיט אַזאַ התפעלות, דאָס יענער האָט גענומען שרייען פאַר וועהטאָג. דאַן האָט ער איהם געוויזען די צייטונג. נחום האָט דאָרט געפונען דעם בריעף און דעם ענטפער. ער האָט איבערגעלייענט און גענומען טאַנצען.

— אהא — האָט ער געשריען — נו, ווער איז געוועזן גערעכט, אַ מהומה אויף דיר ? זעהסט ? וואָס די צייטונג ענטפערט ? אַ קאַטאַוועס אַ מאַמע׳ס האַרץ ! די גמרא זאָגט אויך . . . דער בחיי אויך . . . מירקע ! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן און איז אַוועקגעלאָפּען מיט דער צייטונג צו איהר אין שלאָף־צימער.

באַלד זיינען אַלע אויף געוועזן אין׳ם הויז. האַלב־אָנגעטאָנענע איז מען אַרויסגעלאָפען פון די אַנדערע צימערן, דזשעק אַ באָרפוס׳ער, לאַה׳קע אין אַ ראַפּער מיט צולאָזענע האָאָר, בעני איז אויך אַרויסגעקומען פון זיין צימער אין זיין אויבעררָאָק מיט אַן אויפגעשטעלטען קראַגען, פריידעל אין שיך אָהן זאָקען, מירקע מיט׳ן טיכעל פערדרעהט אויף׳ן קאָפּ, כליפּענדיג פאַר פרייד, נחום הינטער איהר מיט דער צייטונג אין דער־הויף, אפילו לואי און אסתר׳קע זיינען אויך אַריינגעשפּרונגען אין זייערע קורצע העמדעלאַך, כמעט נאַקעט. מען האָט געלעזען דעם ענטפער, געפרעהט זיך און געבענשט די צייטונג.

נחום האָט געזאָגט :

— פּאָרט אַן אויפגעקלערטע צייט ! אַמאָל האָבען אידען געשיקט קוויטלאַך וועגען עצות צו גוטע אידען, היינט שיקט מען בריעף צו די צייטונגען. און עס איז בעסער אַזוי. אין די צייטונגען מעג מען טאַקי האָבען אמונה !

— אמת, אמת ! — האָט מירקע מסכים געוועזן מיט התפעלות.

און בעני דער שטודענט האָט אַ טראַכט געטהאָן :

— טאַקי אַ נייע אמונה ביי אידען ! וויפיעל גוטעס די צייטונגען וואָלטען געקאָנט אויפטהאָן ביי אַזאַ גלויבען אין זיי ! . . .

מאַקס איז צוגעגאַנגען צו נחום׳ן, האָט איהם אַ קיצעל געטהאָן מיט׳ן גראָבען פינגער אין זייט און זיך אָנגערופען מיט אַ ברייטען שמייכעל :

— צופריעדען, הא ?

נחום האָט איהם ניט געענטפערט, אַרומגעכאַפּט איהם און זיך מיט איהם צוקושט. . .

ברכה איז דורכגעגאַנגען. זי האָט שוין געהערט וועגען דעם ענטפער און עס האָט זי אַזוי געמוטשעט, געמוטשעט. זי איז געגאַנגען קויפען איהר צייטונג, טאָמער האָט זיך היינט עמיצער דאָרט אָפּגערופען.

אין דער גאַס־טיר איז זי פּלוצים שטעהן געבליבען. זי האָט דערזעהן דעם שעהנעם יונגענמאַן אין דרויסען אויף די טרעפּ.

ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַזוינע לאַסצענדיגע אויגען.

— העללאָ ! מען זעהט אייך עפּעס ניט ! . . .

זי האָט קוים אַרויסגערעדט פאַר אויפרעגונג :

— און אייך אויך ניט . . .

— איך האָב אייך שוין פיעל מאָל געוואָלט טרעפען . . . איך וויל אייך איינלאַדען צו אַ באָל . . . היינט, אויב איהר ווילט . . .

זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן :

— היינט ? אָלל רייט. מיט פערגעניגען.

— איך וועל אויף אייך וואַרטען פונקט אַכט אוהר אַבענדס דאָ ביי גרענד סטריט. פערגעסט־זשע נישט.

און ער איז אַריין אין דער טיר, וואו זי איז געשטאַנען, דורכגעקוועטשט זיך אויף אַ בעזונדערן אופן מיט זיינע עלענבויגענס דורך דער טיר, אַזוי, דאָס זיי האָבען בעריהרט איהר בוזים, אַקוראַט ווי ער וואָלט אַפריהער געוואָלט אַנטאַפּען אַ געוויסע סחורה, צו זעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, נאָך אַמאָל זי אָנגעקוקט מיט זיינע דורכדרינגענדע אויגען. געזאָגט : „גוד ביי ! פערגעסט־זשע ניט. פונקט אַכט“. און איז אַוועק אויבען . . .

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געלעגען אין איהר בעט און אַלסדינג אין איהר האָט געשריען :

— היינט אַכט אוהר ! היינט אַכט אוהר ! היינט אַכט אוהר ! . . .

פון דעם צווייטען צימער האָבען זיך געהערט די פרעהליכע שטימען פון פריידלען, מאַקס׳ען און די אַנדערע. ערגעץ האָט אַ טהיר אַ קלאַפּ געטהאָן. באַלד נאָך איינע. ערגעץ האָט אַ זייגער געשלאָגען. פון די טרעפּ איז עמיצער געלאָפּען. דאָס טענעמענט־הויז האָט זיך היינט שפּעטער אויפגעכאַפּט. די גאַס האָט היינט אַזוי ניט געליאַרעמט. זונטאָג . . . .

דעצעמבער 16—1913. ברוקלין.

פיליפ קראַנץ

די מאָנראָו דאָקטרין אמאָל, היינט און אין דער צוקונפט

„די אָריגינעלע ערקלערונג פון דער מאָנראָו דאָקטרין איז אַרויסגעקומען דורך דעם וואונש פון דער ענגלישער רעגיערונג, אַז ענגלאַנד און יונייטעד סטייטס זאָלען אַרויסטרעטען מיט אַ געמיינשאַפטליכער ערקלערונג פון אַזאַ פּאָליטיק. זייט זי איז אַנאָנסירט געוואָרען דורך פּרעזידענט מאָנראָו, האָבען ענגלישע שטאַאַטסמענער אָפט געגעבען צו פערשטעהן, אַז זיי זיינען ניט געגען איהר אָנהאַלטונג.“

מיט דיעזע ווערטער האָט עקס־פּרעזידענט טאַפט אָנגעפאַנגען אַ לעקטשור פאַר די „ניו יאָרק פיעס סאָסייטי“ לעצטען דעצעמבער איבער דעם דאָזיגען בעריהמטען פונדאַמענט פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון יונייטעד סטייטס. דאָס איז היסטאָריש ריכטיג. אַזוי איז עס אויך היינט צו טאָג: ענגלאַנד האָט אייגענטליך פונקט אַזאַ אינטערעס אין דער אָנהאַלטונג פון דער דאָזיגער דאָקטרין ווי יונייטעד סטייטס. אָבער דאָס איז אַ פונקט, וואָס ווערט געוועהנליך אויסגעלאָזען אין דער פּרעסע, ווען עס קומט צו רייד וועגען איהר. דער דורכשניטליכער אַמעריקאַנער ווייס אייגענטליך גאָר ניט, וואָס פאַר אַ וויכטיגע ראָלע ענגלאַנד האָט געשפּיעלט ביי דער געבורט פון דער דאָזיגער דאָקטרין און אויך ביי איהר אָנווענדונג געגען אַלע אייראָפּעאישע לענדער אויסער, נאַטירליך, זיך אַליין. אַ סך מיינען זאָגאַר, אַז דערמיט האָט די רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס ספּעציעל געציעלט געגען דער רעגיערונג פון ענגלאַנד. אָבער דאָס צייגט נור, ווי וועניג מען איז בעקאַנט אין יונייטעד סטייטס מיט דער געשיכטע פון אייראָפּאַ און אויך פון דער שפּאַניש־שפּרעכענדער אָדער אין אַלגעמיינען לאַטיינישער אַמעריקאַ.

דער אורשפּרונג פון דער מאָנראָו דאָקטרין.

לאָמיר דאָ וואַרפען אַ קורצען בליק אויף דיעזער געשיכטע. די מאָנראָו דאָקטרין איז אַלט געוואָרען 90 יאָהר דעם 2טען דעצעמבער 1913. דער פינפטער פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס, דזשעימס מאָנראָו, האָט אין איינעם פון זיינע מעסעדזשעס אָדער אַדרעסען צום קאָנגרעס געפונען פאַר נויטיג אָנצוקינדיגען: 1) אַז יעדער פערזוך פון אירגענד וועלכער אייראָפּעאישער מאַכט צו פערשפּרייטען איהר רעגיערונגס־סיסטעם אין דער נייער וועלט „וועט בעטראַכטעט ווערן אַלס געפעהרליך פאַר אונזער פריעדען און זיכערהייט“, און 2) אַז די גאַנצע נייע וועלט זאָל ווייטער ניט דיענען אַלס אַ פּלאַץ פאַר ק אָ ל אָ נ י ע ס אונטער דעם פלאַג פון אירגענד וועלכער אייראָפּעאישער נאַציאָן.

וואָס האָט אָבער בעוואָגען די רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס אַרויסצוטרעטען מיט אַזאַ ערקלערונג? לאָמיר דאָ גלייך נעהמען אין בעטראַכט, אַז אונזער רעפּובליק האָט דאַן געצעהלט אַרום אַ צ ע ה נ ט ע ל פון איהר היינטיגער בעפעלקערונג און אַז זי וואָלט איינגענהענטיג גאָר ניט אין שטאַנד געווען צו צווינגען ביד חזקה אַן אייראָפּעאישע גרויסמאַכט צוריקצוטרעטען, ווען יענע וואָלט טאַקע פעסט בעשלאָסען צו פערכאַפּען נייע קאָלאָניעס אין אירגענד וועלכען טהייל פון זיד־אַמעריקא און אפילו פון צענטראַל־אַמעריקאַ. דאָס זיינען נור געווען, אַזוי צו זאָגען, פּרינציפּיען־ערקלערונגען פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון דער יונגער נאָרד־אַמעריקאַנישער רעפּובליק, וועלכע האָט פריהצייטיג אָנגעפאַנגען צו פיהלען איהר מאַכט אין דער וועלט און צו זעהען איהר גרויסע צוקונפט.

ביז דער דאָזיגער דאָקטרין איז די אויסלענדישע פּאָליטיק פון יונייטעד סטייטס בעשטאַנען אין, אַזוי צו זאָגען, האַלטען שבת פאַר זיך. מען האָט נאָכגעפאָלגט די רעקאָמענדאַציאָן פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אויסצומיידען אירגענד וועלכע אַ יינדרעהונגען אין דעם פּאָליטישען שאַך־שפּיעל פון דער אַלטער וועלט. דיעזע רעקאָמענדאַציאָן ווערט אויך היינט אָנגענומען, אָבער די שטייגענדע מאַכט פון אונזער רעפּובליק, בעזאָנדערס די גוואַלדיגע יאָגענעס נאָך נייע מאַרקעטס אַלס רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־סיסטעם, טרייבט איהר אַלץ מעהר צו לאָזען הערען איהר שטימע און אויך אַריינצומישען זיך אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען. זי איז דאָך אויך געוואָרען אַ קאָלאָניאַלע מאַכט, זי בעהערשט דאָך היינט אַנדערע פעלקער אַזוי ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און בכלל די אייראָפּעאישע קאָלאָניען־כאַפּערס...

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן און די שפּאַנישע קאָלאָניעס.

יעדענפאַלס האָט די שטעלונג פון יונייטעד סטייטס צו די אייראָפּעאישע לענדער אָנגענו־

מען א נייע ווענדונג אין דעם ערשטען פערטעל פון 19טען יאהרהונדערט דורך די גרויסע פאליטישע איבערקעהרעניסען נאך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן. אין דער נייער וועלט זיינען די איבערקעהרעניסען געווען אפשר גרעסערע, ווי אין דער אלטער. א דוצענד נייע נאציאנען זיינען דאן געשאפען געווארען. אויף דעם שטח פון דער שפאנישער קאלאניאלער אימפעריע אין דער נייער וועלט געפינען זיך היינט 19 רעפובליקען. און דיעזע איבערקעהרעניסען זיינען געקומען מיט אמאל. די אונצופרידענהייט אין אלע שפאנישע קאלאניעס האט געפיהרט צו א רעוואלוציאנערער בעוועגונג אונטער דעם איינפלוס פון די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטען, פילאזאפען און פרייהייטס־קעמפפער צו ענדע פון 18טען יאהרהונדערט, בעזאנדערס צו דער צייט פון די נאפאלעאנישע מלחמות. אין 1808 איז שפאניען פלוצלונג געבליבען אהן א געזעצליכען קעניג. נאפאלעאן, וועלכער האט דאן דערגרייכט זיין העכסטע גדולה, האט ארויפגעזעצט אויף דעם שפאנישען טראן זיין ברודער יאזעף. די קאלאניעס האבען זיך ענטזאגט צו אנערקענען נאפאלעאן'ס ברודער אזוי ווי זייער מוטערלאנד, וואו עס האט זיך אנגעפאנגען א ביטערער נאציאנאלער קאמפף געגען די פראנצויזישע, ריכטיגער גערעדט, נאפאלעאנישע אויבערהערשאפט. ווער עס איז פיעל־ווינציג בעקאנט מיט דער געשיכטע פון יענער צייט, דער וויים, אז דיעזער נאציאנאלער קאמפף פון די שפאניער האט דערלאנגט דעם ערשטען געפעהרליכען קלאפ דער נאפאלעאנישער הערשאפט.

אין די שפאנישע קאלאניעס האט דער עולם ניט געוואוסט, וואס צו טאן און ווי זיך צו האלטען, ווען מען האט דארטען געקראגען די ערשטוינענדע נאכריכט, אז זייער גאנצע קעניגליכע פאמיליע געפינט זיך געפאנגען אין נאפאלעאן'ס הענד און אז די פראנצויזישע סאלדאטען האבען ארויפגעזעצט אויף דעם שפאנישען טראן יאזעף באנאפארטע. נאך דעם ביישפיעל פון די איינוואהנער אין זייער מוטערלאנד האבען די קאלאניסטען געבילדעט רעגיערונגס־קאמיטעטען, „כונטאס", ווי מען רופט עס אויף שפאניש, צו פערוואלטען זייערע שטעדט און געגענדען אין נאמען פון דעם געזעצליכען קעניג. נור אזוי ווי דיעזער קעניג, מיט'ן נאמען פערדינאנד דער זיעבעטער, איז געבליבען א געפאנגענער אין פראנקרייך זעקס יאהר, און די קאלאניסטען האבען זיך שנעל ארומגעזעהען, אז זיי וועט פיעל בעסער זיין, ווען זיי וועלען זיך אין גאנצען בעפרייען פון דער שפאנישער אויבערהערשאפט, האבען זיי אנגעפאנגען א קאמפף פאר פאליטישע אונאבהענגיגקייט, וועלכער האט זיך געענדיגט ערשט אין א יאהר פופצעהן ארום פאלשטענדיג צו זייער גונסטען.

דער קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט אין די שפאנישע קאלאניעס.

אין דיעזען לאנגען, שווערען, בלוטיגען און פערצווייפעלטען קאמפף האט יונייטעד סטייטס קיין אנטהייל ניט גענומען. די נארדליכע און זידליכע העלפטען פון אמעריקא זיינען, נאטירליך, פיעל מעהר ווי היינט געווען אבגעזונדערט דורך שפראך און קולטור. דאס זיינען טאקע צוויי בעזונדערע קולטורעלע וועלטען. עס מעג שיינען זאנדערבאר, אבער עס איז א פאקט, אז אפילו אויף די פיהרער, די גרעסטע און פעהיגסטע פרייהייטס־קעמפפער אין זיד־אמעריקא, ווי די גענעראלען סאן מארטין און באליוואר (גענאנט דער „ליבעראטאר" און אויך דער „וואשינגטאן פון זיד־אמעריקא"), האט די רעוואלוציאן אין נארד־אמעריקא צוזאמען מיט דזשעפערסאן'ס „דעקלערייshאן אוו אינדעפענדענס" אין 1776 און מיט דער קאנסטיטוציאן פון יונייטעד סטייטס קיין דירעקטען איינפלוס ניט געהאט.

די אויפשטאנדען אין די שפאנישע קאלאניעס געגען זייער מוטערלאנד זיינען פון אנפאנג ביז'ן סוף געפיהרט געווארען מיט א י י ג ע נ ע קרעפטע. וואו די קאלאניסטען זיינען אליין ניט געווען בכוח ארונטערצושלייderן פון זיך דעם שפאנישען יאך, האבען זיי זיך פערבונדען מיט אנדערע קאלאניעס. אזוי איז עס געווען בעזאנדערס אין זיד־אמעריקא ארום דער צייט, ווען פרעזידענט מאנראו איז ארויס מיט זיין בעריהמטער ערקלערונג. א טויטקלאפ האט די שפאנישע הערשאפט געקראגען אין זיד־אמעריקא ערשט נאך דעם, ווי גענעראל סאן־מארטין, דער ארגענטינער העלד, איז אריין מיט זיין ארמעע פון טשילי אין לימא, די הויפטשטאדט פון פערו (דאס האט פאסירט אין 1821), און בעזאנדערס נאך דער שלאכט ביי איאקוטשא אין פערו צו ענדע פון 1824, א יאהר נאך דער פערעפענטליכונג פון דער מאנראו דאקטרין.

די נאפאלעאנישע מלחמות.

קיין אייראפעאישע מאכט האט גאר ניט געזוכט אריינצומישען זיך אין דיעזען קאמפף צווישען שפאניען און איהרע קאלאניעס אין דער נייער וועלט. די אלטע וועלט האט דאן געהאט איבערגענוג אייגענע אויפשטאנדען, רעוואלוציאנען און מלחמות.

ווען די דאמאלסדיגע גרויסמעכטע וואלטען אפילו געהאט אייגענע וויכטיגע פאליטישע און עקאנאמישע אינטערעסען אין דער שפאנישער קאלאניאלער אימפעריע, וואלטען זיי אויך ניט געקענט שיקען אהין ארמעען, ווייל אלע זייערע קרעפטען האבען זיי דאן געמוזט אנווענדען אין די נאפאלעאנישע מלחמות.

די איינציגע גרויסמאכט, וואס האט געוועלט זיך בענוצען מיט די שפאנישע צרות דאן,

אום צו דערלאַנגען ז כאַפּ אַ נייע קאָלאָניע, איז געראַדע געוועזען ענגלאַנד. זי האָט בכלל זעהר פיעל פּראָפיטירט קאָמערציעל, ווען די שפּאַנישע קאָלאָניעס האָבען זיך ערקלערט פאַר אומאַבהענגיגע רעפּובליקען. אַלע האַנדעלס־פּאָרטען פון דער נייער וועלט האָבען זיך דאַן געעפענט פאַר די ענגלישע האַנדעלס־שיפען, ווי אויך פון אַנדערע נאַציאָנען. ענגלאַנד און די איבריגע האַנדעלס־נאַציאָנען (צו יענער צייט האָט עס געמיינט בעזאָנדערס פראַנקרייך, האָלאַנד און פּאָרטוגאַל) זיינען דארום געוועזען פּעראינטערעסירט, אַז די שפּאַנישע קאָלאָניעס זאָלען געווינען זייער קאַמפּף פאַר אומאַבהענגיגקייט.

דערצו נאָך האָט ענגלאַנד געהאַט אַלטע קאָלאָניאַלע שטרייטען מיט שפּאַניען און האָט זיך אויך געוועלט אָפּרעכענען מיט דער שפּאַנישער רעגיערונג פאַר איהר פּעראייניגונג מיט נאַפּאָלעאָנען אין 1806. זי האָט נעמליך אין יענעם יאָהר פּראָבירט פערכאַפּען ביענאָס ערעס. ווען עס וואָלט איהר געלונגען צו פערבלייבען דאָרטען, וואָלט דער שיקזאַל פון גאַנץ זיוד־אַמעריקאַ און בעזאָנדערס פון אַרגענטינע געוועזען אַ גאַנץ אַנדערער ווי היינט. אָבער די איינוואָהנער פון בוענאָס ערעס און די גאַוטשאָס (אַרגענטינער קאָו־באָיס) פון אַרום האָבען צוויי מאָל פּעריאָגט די ענגלישע אַרמעען, גאָר ניט וואַרטענדיג אויף סאָלדאַטען פון שפּאַניען. אין 1807 האָבען דיעזע קאָלאָניסטען געצוואונגען אַ מחנה פון 8000 רעגעלע ענגלישע סאָלדאַטען צו קאַפּיטולירען. דאָס האָט געמאַכט אַן ענד פון די פּלענער פון דער ענגלישער רעגירונג צו פערכאַפּען אויך די זיד־אַמעריקאַנישע לענדער מיט אַ מעסיגען קלימאַט, ווי דאָס איז איהר אַרום יענער צייט געלונגען אין זיד־אַפריקאַ. אין דער זעלבער צייט האָט דאָס אויך בעוויזען, אַז די קאָלאָניסטען פון זיד־אַמעריקאַ זיינען אין שטאַנד צו קעמפּפען אפילו געגען אַ רעגעלמעסיגע ענגלישע אַרמעע, וואָס עס האָט זיי נאָכהער צוגעגעבען מוטה צו פיהרען שלאַכטען מיט רעגעלמעסיגע שפּאַנישע סאָלדאַטען, ווען זיי האָבען רעוואָלטירט.

קורץ, די שפּאַנישע קאָלאָניעס האָבען געפיהרט זייער לאַנגען און שווערען קאַמפּף פאַר אומאַבהענגיגקייט מיט זייערע אייגענע קרעפטע געגען שפּאַניען און זיי האָבען זיך ניט געהאַט וואָס צו שרעקען פאַר די אריינמישונגען פון אייראָפּעאישע מעכטע. זיי זיינען אין שטאַנד געוועזען צו פּערטהיידיגען זיך געגען פרעמדע אָנגרייפערס. הייפּעלעך פּאָרטוגעזישע קאָלאָניסטען אין בראַזיליען האָבען מיט יאָהרען פריהער בעוויזען צו פּעריאָגען האָלענדער און אויך פראַנצויזען, וועלכע האָבען געוועלט פערכאַפּען אייניגע פון די בראַזיליאַנער פּראָווינצען.

דאָס מיינט, אַז ווען די מאָנראָו דאָקטרין וואָלט ערקלערט געוואָרען ניט אין 1823, ווען אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס אויף דעם קאָנטינענט פון דער נייער וועלט האָבען שוין פּאַקטיש געוואונען זייער פּאָליטישע אומאַבהענגיגקייט, נור אין 1810, ווען זיי האָבען רעוואָלטירט, וואָלט עס זיי אַ האָאָר ניט געהאָלפען אין זייער קאַמפּף. אַזאַ ערקלערונג וואָלט געווען אַ פּוסטער קלאַנג, אַ טויטער בוכשטאַב. האָט אָבער די דאָזיגע דאָקטרין שפּעטער געהאָלפען די ניי־געגרינדעטע רעפּובליקען אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ ? אויף דיעזער פראַגע ענטפערט מען געוועהנליך אין יונייטעד סטייטס גאַנץ בעשטימט : „יא“, און אין די אַנדערע רעפּובליקען פון דער נייער וועלט, ווי אויך אין אייראָפּאַ, כמעט אַזוי בעשטימט : „ניין“.

דער „היילינער בונד“.

אום צו קענען אורטהיילען, ווער עס האָט דאָ מעהר רעכט, לאָמיר ווייטער בלעטערן די וועלטגעשיכטע. אויב עס איז ווען געווען אין פּאָריגען יאָהרהונדערט אַ געפאַהר פאַר די רעפּובליקען אין דער נייער וועלט, אַז די גרויסע מאָנאַרכיעס פון אייראָפּאַ זאָלען צ ו ז א מ ע ן א ר ו י ס ט ר ע ט ע ן ג ע ג ע ן ז י י, איז דאָס געוועזען געראַדע אין דעם יאָהר, ווען פּרעזידענט מאָנראָו איז אַרויס מיט זיין בעריהמטער ערקלערונג. עס האָט זיך דאַן געהאַנדעלט וועגען דעם, אַז פראַנקרייך, וואו די בורבאָנישע דינאַסטיע איז צוריק אַרויפגעזעצט געוואָרען אויפ׳ן טראָן, זאָל מיט דער צושטימונג און אויך הילפע פון „היילינען בונד“ העלפען דעם שפּאַנישען קעניג צוריק צו געווינען די פּערלאָרענע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט. דאָס איז געוועזען נאָך דעם קאָנגרעס פון וועראָנאַ צו ענדע פון 1822, אויף וועלכען צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז אנוועזענד געוועזען און אויף וועלכען די פּערטרעטער פון רוסלאַנד, עסטרייך, פּרייסען און פראַנקרייך האָבען אָפּגעמאַכט איינצופיהרען „אָרדנונג“ אין שפּאַניען און אין איהרע קאָלאָניעס. די „היילינע“ אויפגאַבע דאָס אויסצופיהרען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו פראַנקרייך, און דער רוסישער דעספּאָט האָט פערשפּראָכען צו שיקען אַן אַרמעע פון 150,000 סאָלדאַטען צו העלפען די פראַנצויזען צו בעפעסטיגען די מאָנאַרכיע אין שפּאַניען און אין איהרע קאָלאָניעס, ווען דאָס וועט נור נויטיג זיין.

די רעאַקציאָן האָט דאַן טריאומפירט אין גאַנץ אייראָפּאַ, אפילו אין פראַנקרייך. מען מעג זאָגען, אַז די אַלטע וועלט האָט זיך דאַן געפונען אונטער דער קאָזאַצקער קנוטע. דער „הייליגער בונד“ איז אָנגעטריבען געוואָרען פון רוסישען קייזער. נאָך נאַפּאָלעאָן׳ס נידערלאַגע ביי וואַטערלאָאָ האָט געפאָלגט דער וויענער קאָנגרעס, אויף וועלכען עס איז בעשטימט גע־

וואָרען אָנצו־ווענדען אַלע רעאַקציאָנערע קרעפטע צוריק צו דרעהען די רעדער פון פּראָגרעס און צו דערטרינקען אין טייכען בלוט יעדע פרייהייטס־בעוועגונג. אין פראנקרייך און אין שפּאַניען זיינען ווידער עטאַבלירט געוואָרען מאָנאַרכיעס אונטער די בורבאָנען. פערדינאַנד דער זיעבעטער, אַ זעהר ניעדריגער און גרויזאַמער נפש, וועלכער איז געקראָכען אויף אַלע פיער פאר נאַפּאָלעאָנען, ווען ער איז געהאַלטען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט, איז לויט דעם בעשלוס פון וויענער קאָנגרעס ווידער געוואָרען קעניג פון שפּאַניען אין 1814. ער האָט אָבער פריהער געמוזט שווערן טרייהייט צו דער ראַדיקאַלער קאָנסטיטוציאָן פון 1812, וועלכע איז פערפאַסט געוואָרען פון די שפּאַנישע ליבעראַלען און פרייהייטס־קעמפּפער נאָך אַ פראַנצויזישען מוסטער.

די שפּאַנישע רעוואָלוציאָן אין 1820.

דיעזע שבועה האָט ער געבראָכען אזוי שנעל, ווי ער האָט אָנגעפאַנגען צו פיהלען זיך פעסטער אויף דעם טראָן. ער האָט זיך ערקלערט זאַגאַר פאַר אַן אבסאָלוטען מאָנאַרך אויף דעם אַלטען שטייגער, פאַר אַ „גאָטס געזאַלבטען קעניג", און האָט גענומען פערפאָלגען ליבעראַלען מיט אַזעלכע גרויזאַמקייטען, אַז אין 1820 האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן. ער אַליין איז דאַן אריינגעפאַלען אין די הענד פון די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געטראַכט וועגען עטאַבלירען אַ רעפּובליק. אונגעפעהר דריי יאָהר האָבען זיי איהם געהאַלטען געפאַנגען, אָבוואָהל ער האָט געשוואָרען און געשוואָרען, אַז ער וועט שוין ווערן גוט און ליבעראַל. ליידער אָבער האָט געהערשט ווייניג איינינגקייט צווישען די רעוואָלוציאָנערען, אַזוי דאָס זיי האָבען ניט געקענט עטאַבלירען אַ פעסטע רעגיערונג. אין פערשידענע טהיילען פון שפּאַניען האָבען אויסגעבראָכען אויפשטאַנדען אונטער דער לייטונג פון אריסטאָקראַטען, גלחים און איבערהויפּט פערביסענע רעאַקציאָנערען און מאָנאַרכיסטען, און עס איז בכלל געגאַנגען ווי אַ שיף אָהן אַ רודער.

ענגלאַנד און דער קאָנגרעס פון וועראָנאַ.

דערמיט האָבען זיך בענוצט די פיהרער פון „הייליגען בונד", די „גאָטס געזאַלבטע" פון רוסלאַנד, עסטרייך, פּרייסען און פראַנקרייך, צו העלפען זייער „טהייערן" ברודער פערדינאַנד פון שפּאַניען. צוליעב דעם איז עס ספּעציעל צוזאַמענגערופען געוואָרען דער קאָנגרעס פון וועראָנאַ. ווען מען האָט דאָרטען בעשלאָסען צו בעפרייען פערדינאַנד'ן פון רעוואָלוציאָנערע הענד און איינצופיהרען די אַלטע מאָנאַרכישע אָרדנונג, האָט דער פראַנצויזישער קעניג געשיקט אַן ארמעע, וועלכע האָט פערנומען מיט דער הילפע פון שפּאַנישע מאָנאַרכיסטען די הויפּטשטאָדט מאַדריד און ווידער אמאָל ארויפגעזעצט פערדינאַנד'ן אויפ'ן טראָן. דאָס האָט פּאַסירט אין זומער פון 1823, מיט עטליכע מאָנאַט פאַר דעם בעריהמטען מעסעדזש פון פּרעזידענט מאָנראָו, וועלכער האָט אָנגעוויזען דאָרטען אויף די האַנדלונגען און רעגיערונגס־סיסטעם פון די „פערבונדענע מעכטע" פון אייראָפּאַ.

ווייטער אָבער האָט שוין פראנקרייך ניט געקענט אויספיהרען דעם וואונש פון „הייליגען בונד" און דעם בעשלוס פון וועראָנער קאָנגרעס. ווארום ? ווייל ענגלאַנד איז ארויסגעטראָטען ענטשיעדען דאַגעגען. אַ גרויסער און אויך ליבעראַלער שטאַאַטסמאַן האָט דאַן געפיהרט די אויסלענדישע פּאָליטיק פון ענגלאַנד. דאָס איז געוועזן דזשאָרדזש קעננינג (George Canning), וועלכער האָט געשטיצט די גריכען אין זייער קאַמפּף געגען טערקיי און בכלל די נאַציאָנאַלע בעוועגונגען אין אייראָפּאַ. אויף דעם קאָנגרעס פון ווערָאנאַ האָט זיך דער ענגלישער פערטרעטער ענטזאַגט צו האַנדלען צוזאַמען מיט די אַנדערע גרויסמעכטע אין דער שפּאַנישער פראַגע. ענגלאַנד איז איבערהויפּט געוועזן געגען דעם „הייליגען בונד". אין דיזען פאַל אָבער האָט זי געהאַט זעהר גרויסע קאָמערציעלע אינטערעסען. די ענגלישע פאַבריקאַנטען און קאָמערסאַנטען האָבען שנעל אויסגעפונען, אַז לאַטיינישע אַמעריקא איז אַן אויסגעצייכענטער מאַרקעט פאַר זיי. דאָס האָט זיי בעוואָגען און דארום אויך די רעגיערונג צו שטיצען מיט געלד און געוועהר די רעוואָלוציאָנערען געגען שפּאַניען, ווי ווייט מען האָט עס געקענט טאָן אין דער שטיל. ווען די קאָנטינענטאַלע גרויסמעכטע פון אייראָפּאַ האָבען זיך אויך פערבונדען צו העלפען שפּאַניען איינצונעהמען צוריק איהרע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט, האָט זיך ענגלאַנד בענוצט מיט דער געלעגענהייט אָפען ארויסצוטרעטען געגען דעם „הייליגען בונד" און צייגען איהרע סימפּאַטיען צו די יונגע רעפּובליקען אין דער נייער וועלט. אין אַ בעריהמטער רעדע אין פּאַרלאַמענט האָט קעננינג ערקלערט, אַז „ער האָט ארויסגערופען אַ נייע וועלט, אום אויסצוגלייכען דעם באַלאַנס פון דער אַלטער וועלט" און אַז „אויב פראַנקרייך וועט פערנעהמען שפּאַניען, זאָל עס ווייניגסטענס זיין אָהן איהרע קאָלאָניעס".

עס איז קלאָר געוועזן, אַז ענגלאַנד וועט אויף קיין פאַל ניט צולאָזען, דאָס אירגענד וועלכע פרעמדע מאַכט זאָל ירש'ענען אירגענד וועלכע פון די שפּאַנישע קאָלאָניעס, און אַזוי ווי אָהן פלאָטען איז עס אונמעגליך צו צוקומען צו זיי, איז עס פשוט אונמעגליך געוועזן דורכצופיהרען דעם פּלאַן פון „הייליגען בונד" געגען די ענגלישע קריעג־שיפען. דער „הייליגער בונד"

איז דאָך געווען שטאַרק נור אויף דער יבשה. ניט רעכענענדיג פראַנקרייך, האָט קיינע פון די אַנדערע קאָנטינענטאַלע אייראָפּעאישע גרויסמעכטע ניט בעזעסען אַ פלאָטע. קיינער האָט דאַן גאָר ניט געקענט וואַגען צו דענקען וועגען אַ קאַמפּף מיט ענגלאַנד אויפ'ן ים.

וואָרום דער פּלאַן פון „הייליגען בונד“ איז געווען אונדורכפיהרבאַר.

עס איז אַ גרויסע פראַגע, אויב דער „הייליגער בונד“ וואָלט געקענט עפּעס העלפען שפּאַניען אין דער נייער וועלט, ווען ענגלאַנד וואָלט אפילו געבליבען נייטראַל, ווייל ניט נור האָבען רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען גאָר קיין שיפען ניט געהאַט דערצו, זאָנדערן זיי זיינען בכלל ניט געווען דאַן קאָלאָניאַלע מעכטע און האָבען אייגענטליך קיינע ספּעציעלע עקאָנאָמישע אינטערעסען ניט געהאַט אין זיד־אַמעריקאַ. אויסער דעם האָט דער לייטענדער שטערן פון דעם דאָזיגען בונד, דער שטאַרקסטער זייל פון דער רעאַקציאָן, פּרינץ מעטערניך אַליין, פערלאָרען דעם חשק דורכצופיהרען אין גאַנצען דעם בעשלוס פון וועראָנער קאָנגרעס, ווען ער האָט דערהערט, אַז דער רוסישער צאַר איז בערייט צו שיקען אפילו 150,000 סאָלדאַטען צו העלפען דעם פראַנצויזישען קעניג. אַ רוסישע אַרמעע קען דאָך ניט צוקומען אָהן שיפען ביז פראַנקרייך, סיידען זי מאַרשירט דורך דייטשלאַנד אָדער עסטרייך, און מעטערניך'ן איז אַזאַ מאַרש גאָר ניט געפעלען געוואָרען. אייראָפּאַ איז שוין דאַן אַזוי אויך צו פיעל קאָזאַקיש געוואָרען, אפילו אין מעטערניך'ס אויגען. פאַר אַ גרויסע רוסישע אַרמעע אין רעכטען מיטען פון אייראָפּאַ האָט ער זיך אַליין געשראָקען, און מיט רעכט.

וואָס פראַנקרייך אַנבעלאַנגט, וואָלט זי מיט איהרע אייגענע מיליטערישע קרעפטע ניט געקענט בייקומען די יונגע לאַטיינישע רעפּובליקען, וועלכע וואָלטען זיך געווים פערבונדען, ווי נור אַ פראַנצויזישע אַרמעע וואָלט ערגעץ־וואו געלאַנדעט ביי זייערע ברעגען. דער קאַמפּף געגען די שפּאַנישע הערשאַפט האָט זיך געצויגען אַזוי לאַנג, ניט ווייל די שפּאַנישע רעגיערונג איז געווען אין שטאַנד צו שיקען אַהין גענוג סאָלדאַטען, נור ווייל אין יעדער קאָלאָניע האָט עקזיסטירט אַ קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, וועלכע האָט געוועלט בלייבען טריי צום מוטערלאַנד צוליעב געוויסע *עקאָנאָמישע אינטערעסען*. דיעזע פּאַרטיי איז בעשטאַנען מייסטענס פון שפּאַנישע בעאַמטע, פון גרויסע גוטס־בעזיצער און פון גלחים. נור געגען אַ פרעמדען אַנגרייפער וואָלטען זיי שוין געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די ליבעראַלען, אַזוי דאָס מען וואָלט געמוזט שיקען פון אייראָפּאַ זעהר גרויסע מחנות, פּשוט ריזיגע אַרמעען, אום דיעזע פּאַטריאָטען צו בעזיעגען. שיקען אַן אַרמעע אויף שיפען איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן איז לייכט צו זאָגען, אָבער דאָס איז אַ זעהר שווערער עסק אפילו אין אונזערע צייטען פון דאַמפּף און עלעקטריציטעט. פאַר פראַנקרייך איז עס דאַן ניט דער ערך לייכטער געווען אַריבערצושיקען אַן אַרמעע פון אַ הונדערט טויזענד מאַן נאָך מאַדריד, ווי אפילו אַ פּאָאַר טויזענד נאָך, למשל, בוענאָס ערעס.

דזשאָרדזש קעננינג און דזשעימס מאָנראָו.

דער פּלאַן פון „הייליגען בונד“ וועגען די שפּאַנישע קאָלאָניעס איז אַלזאָ סיי ווי סיי ניט געווען דורכפיהרבאַר. נור ענגלאַנד האָט נאַטירליך געזוכט צו פערשטאַרקען איהר פּאָזיציע געגען אַלע אַנדערע גרויסמעכטע אין דיעזען פאַל. מען האָט ניט בעדאַרפט זיין אַזאַ שטאַאַטסמאַן ווי קעננינג צו פערשטעהען, אַז דאָ דאַרף מען זיך ווענדען צו דער מיטווירקונג פון דער שטאַרקסטער מאַכט אין דער נייער וועלט. עס איז געווען אַזוי נאַטירליך, אַז די ענגלישע רעגיערונג זאָל דאָ זוכען די שטיצע פון יונייטעד סטייטס, ווי עס איז געווען נאַטירליך, אַז די אַמעריקאַנער רעגיערונג זאָל זיך אָנכאַפּען אָן דעם פאָרשלאַג אַרויסצוטרעטען מיט אַן ערקלערונג געגען די פּלענער פון „הייליגען בונד“ אין דער נייער וועלט. עס איז דאָך איבעריג צו זאָגען, אַז אין יונייטעד סטייטס האָט מען סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערען אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ און אַז מען איז געווען זעהר צופריעדען מיט דער אָבשאַפונג פון דער שפּאַנישער הערשאַפט און מיט דער עטאַבלירונג פון רעפּובליקען.

אַזוי איז די מאָנראָו דאָקטרין געבאָרען. איהר אמת'ער *פאָטער איז אָבער געווען קעננינג* און ניט מאָנראָו, וועלכער האָט זיך בכלל ניט אויסגעצייכענט מיט גרויסע פעהיגקייטען. די אַמעריקאַנער היסטאָריקער פערשווייגען עס געוועהנליך, אָבער ווער עס קוקט נור מיט אָפענע אויגען, טאַקע אָהן שום פּאַטריאָטישע שפּאַקולען, אויף דער געשיכטע פון אונזער צייט, דער פערפעהלט ניט צו זעהן, וואָס פאַר אַ לייטענדע ראָלע ענגלאַנד האָט געשפּיעלט און שפּיעלט אויך היינט אין דער דורכפיהרונג פון דער מאָנראָו דאָקטרין געגען אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

זאָל, למשל, דייטשלאַנד היינט פּרובירען פערנעהמען אַ פּיצעלע טעריטאָריע אין דער נייער וועלט, וועט זיך באַלד אַרויסצייגען, אַז ענגלאַנד וועט אַרויסטרעטען אַזוי שטאַרק געגען דעם ווי יונייטעד סטייטס. די צייטען פון כאַפּען קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט זיינען בכלל דאַן פערביי. די שטענדיגע אייפערזוכט צווישען די אייראָפּעאישע גרויסמעכטע וועט עס סיי ווי סיי ניט ערלויבען. ענגלאַנד,

וועלכע האָט זיך בעצייטענס פערזאָרגט מיט דעם לייבען־טהייל אויף אין דער נייער וועלט, שטעהט אויף דער וואך געגען קאפּערייען פון אנדערע מעכטע, בעזאָנדערס טאָקע געגען דייטשלאנד. די איינציגע גרויסמאכט, וועלכע איז היינט שטארק גענוג צו מעסטען זיך מיט איהר אפילו אויפ'ן ים.

ענגלאנד אלס אַמעריקאַנער גרויסמאכט.

ווען מען רעדט פון דער מאָנראָו דאָקטרין, דארף מען האָבען אין זינען, אז ניט נור איז קענעדע גרעסער אין שטח פאַר יונייטעד סטייטס. זאָנדערן אז ענגלאנד בעזיצט קאָלאָניעס אין א ל ע ט ה י י ל ע ן פון דער נייער וועלט. זי האָט זיך פון אלע זייטען פערזאָרגט מיט זעהר וויכטיגע סטראטעגישע פונקטען, אנפאנגענדיג פון ניופאונדלענד און בערמודא אין דער נאָרדליכער העלפט פון אטלאנטישען אָקעאן און ענדיגענדיג מיט די פאלקלאנד אינזלען אין דער זידליכער העלפט פון דעם זעלבען אָקעאן, סך הכל א 250 מייל פון די ארגענטינער ברעגען.

ענגלישע דיפּלאָמאטען מוזען שמייכלען, ווען זיי הערען בעהויפּטונגען פון אמעריקאנער, אז די מאָנראָו דאָקטרין ציעלט אויף געגען ענגלאנד. מיר האָבען געזעהען, ווי אזוי און ווארום די דאָזיגע דאָקטרין איז צוערשט ארויס פון ענגלאנד. מען דארף ניט פיעל זוכען, אום צו זעהען, אז זי האָט די גאנצע צייט זעהר גוט געדיענט און דיענט אויך יעצט די ענגלענדער געגען מעגליכע אטאקעס פון אנדערע אייראָפּעאישע מעכטע אויף זייערע פּאָסעסיעס אין דער נייער וועלט. זיי ווייסען, אז אין ערנסטען פאל וועט עס יונייטעד סטייטס ניט דערלאָזען. דארום נויטיגען זיי זיך דאָ ניט אפילו אין אזעלכע גרויסע בעוואפנונגען, ווי אין זייערע קאָלאָניעס אין אנדערע וועלט־טהיילען. די מאָנראָו דאָקטרין איז די שטארקסטע און זיכערסטע פעסטונג פאר די ענגלישע פּאָסעסיעס אין דער נייער וועלט, אבער אייגענטליך נור געגען אנדערע גרויסמעכטע, געגען די אייראָפּעאישע קאָלאָניען־כאפּערס, נור ניט געגען יונייטעד סטייטס גופא.

דזשאהן בול און אַנקעל סעם.

נור אויך דאָ האָט דזשאהן בול ניט גע־דרעמעלט צו פערזיכערן זיין ריזיגע קאָלאָניאלע אימפּעריע, די גרעסטע וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן און, העכסט וואהרשיינליך אויך, וואָס זי וועט אמאָל קענען זעהען אין דער צוקונפט. וואו אַנקעל סעם זאָל זיך ניט א לאָז טאָן טאָקע אין „זיין אייגענער אמעריקא", מוז ער זיך צוזאמענטרעפען מיט זיין ליעבהארציגען קאָזין דזשאָהן בול. לאָזענדיג אָן א זייט קענעדע מיט די שטארקע ים־ פעסטונגען און גרויסע אינזלען ביי איהרע ביידע אָקעאנישע ברעגען אלס די לאנגע נאָרדליכע גרענעץ־ליניע פון יונייטעד סטייטס (און דאָרטען קומט אויף א שטארקע נייע נאציאָן וואָס וועט פערלאנגען אלץ א גרעסערע דעה אין א ל ע אנגעלעגענהייטען פון דער נייער וועלט), בעזיצט ענגלאנד ניט נור א סך אינזלען אין וועסט־אינדיען, דארונטער דעם גרויסען אינזעל דזשעמעיקא מיט דער גרויסער און זעהר וויכטיגער פעסטונג קינגסטאָן, זאָנדערן אפילו טעריטאָריע אין צענטראל אמעריקא לעבען דעם זידליכען גרענעץ פון מעקסיקא. איהר פּאָסעסיע אין צענטראל־אמעריקא, וואָס טראָגט דעם נאָמען בריטיש האָנדוראס אָדער בעליזע און וואָס פערנעהמט 7562 סקוועער מייל, האָט ענגלאנד ארייגעקראָגען אייגענטליך נ א ך ד ע ר פ ע ר ע פ ע נ ט ל י כ ו נ ג פ ו ן ד ע ר מ אָ נ ר אָ ו ד אָ ק ט ר י ן. פאר איהר אליין איז דיעזע דאָקטרין אפּנים נור א טויטער בוכשטאב. זי האָט אויך פערנומען די פאלקלאנד אינזלען, ניט קימערענדיג זיך וועגען די דאָזיגע דאָקטרין און ניט אכטענדיג אפילו אויף די פּראָטעסטען פון דער ארגענטינער רעפּובליק, וועלכע בעטראכט (און מיט רעכט) דיעזע אינזלען, וועלכע פערנעהמען צוזאמען 6500 סקוועער מייל, ווי א נאטירליכען טהייל פון איהר טעריטאָריע.

דורך דעם בעזיץ פון דזשעמעיקא און אנדערע וועסט־אינדישע אינזלען, ווי אויך דורך דעם בעזיץ פון בעליזע, קאָנטראָלירט אויך דזשאהן בול דעם וועג צום פּאנאמא קאנאל, וואָס אַנקעל סעם גראָבט אייגענטליך מעהר פאר איהם, ווי פאר זיך אליין, ווייל ער איז דאָך אויך דער גרעסטער בעזיצער פון האנדעלס־שיפען. מיט'ן פּאנאמא קאנאל ווידערהאָלט זיך די זעלבע געשיכטע ווי מיט'ן זועץ־קאנאל, וועלכען די פראנצויזען האָבען געגראָבען, אבער וועלכען די ענגלענדער האָבען נאָכהער ארייגגעקראָגען אין זייערע הענד.

אונז וועט נאָך אויסקומען צו רעדען וועגען דעם פּאנאמא קאנאל, ווען מיר וועלען שילדערן די נ י י ע פ ע ר ט י י ט ש ו נ ג ע ן פון דער אלטער מאָנראָו דאָקטרין נאָך דער מלחמה מיט שפּאניען, נאָך דעם ווי יונייטעד סטייטס האָט זיך ערוואָרבען א קאָלאָניאלע אימפּעריע. דאָ האָבען מיר עס נור דערמאנט, אום אנצוצייגען, ווי ענגלאנד זיצט פעסט אויף אין צענטראל אמעריקא, אין גאנץ נאָהענטע שכנות פון „אונזער" קאנאל.

די גרויסמעכטע פון זיד־אַמעריקא.

לאָזען מיר זיך ארונטער ווייטער צום זיד, געפינען מיר, אז ענגלאנד בעזיצט ניט נור א טהייל פון זיד־אמעריקא, וואָס מען רופט געוועהנליך בריטיש גוויאנא. זאָנדערן אויך

דעם אינזעל טרינידאַד, וואָס ליעגט ביי דער מינדונג פון דעם גרויסען טייך אָרינאָקאָ און איז דארום אַ זעהר וויכטיגער סטראַטעגישער פונקט. ניט רעכענענדיג דעם נאָרד־אָסטליכען ווינקעל פון זיד־אמעריקא, וואָס טראָגט דעם אַלגעמיינען נאָמען גוויאַנאַ און וואָס איז צוטהיילט געוואָרען צווישען ענגלאַנד, פראַנקרייך און האָלאַנד, געהערט די טעריטאָריע פון זיד־אמעריקא צו די 10 רעפובליקען דאָרטען. קיין מאַכט וועט שוין דאָרטען ניט קענען פערנעהמען טעריטאָריע, אויך ניט יונייטעד סטייטס מיט אָדער אָהן דער מאָנראָו דאָקטרין, איינפאַך דעריבער, ווייל די ניי־געשאַפענע נאַציאָנען, בעזאָנדערס די בראַזיליאַנער, אַרגענטינער און טשיליאַנער, וועלכע בילדען יעצט דעם זיד־אמעריקאַנישען בונד, דעם זאָגענאַנטען A. B. C. (פון די ערשטע בוכשטאַבען פון דיעזע דריי רעפובליקען) וועלען עס שוין ניט דערלאָזען ביד חזקה. און זיי האָבען ארמעען און אויך פלאָטען, מיט וועלכע די גרויסמעכטע פון דער אלטער וועלט וועלען זיך אַליין מעהר מוזען רעכענען אין דער צוקונפט.

ארגענטינא, בראַזילען און טשילי — דאָס זיינען די דריי גרויסמעכטע פון זיד־אמעריקא, גרויסמעכטע וואָס זיינען אויפגעקומען ערשט מיט אַ פערטעל יאָהרהונדערט צוריק און וואָס וואַקסען זעהר שנעל און האָבען אַ בעזאָנדערס גלענצענדע צוקונפט. ניט נור נויטיגען זיי זיך ניט אין דער הילפע פון דער מאָנראָו דאָקטרין, זאָנדערן זיי קוקען אויף איהר מיט זעהר קרומע אויגען און געפינען זיך פשוט בעליידיגט, ווען זיי הערען, אַז מען וויל זיי אריינרעכענען אין דעם כלל פון די קליינע און שוואַכע לאַטיינישע רעפובליקען, וועלכע אָנקעלסעם האַלט עס פאַר זיין פליכט צו בעשיצען געגען אויראָפעאישע גרויסמעכטע מיט קאָלאָניאַלע אמביציעס.

נור ענגלאַנד האָט פון דעסטוועגען אַ פאָסעסיע אין זיד־אַמעריקא לעבען ארגענטינע, נעמליך: די אויבען־דערמאָנטע פאַלקלאַנד אינזלען. דיעזע אינזלען זיינען בעזאָנדערס וויכטיג צוליעב זייער סטראַטעגישע פאָזיציע ניט ווייט פון דעם מאַגעלאַן ים־וועג און איבערהויפט פון דעם וועג ארום דער שפּיץ פון זיד־אמעריקא, וואו די וואסערן פון ביידע גרעסטע אָקעאַנען בעגעגענען זיך. ווען ענגלאַנד וועט עס געפינען פאַר נויטיג, וועט זי בעפעסטיגען איינעם פון די פאַלקלאַנד אינזלען, אום צו קאָנטראָלירען דעם דאָרטיגען אַלטען האַנדעלס־וועג ארום זיד־אמעריקא און אויך צו קענען בעשיצען זיך געגען ארגענטינע און די אַנדערע זיד־אַמעריקאַנישע מעכטע, אויב עס וועט קומען צו אַ מלחמה צווישען זיי.

* * *

ענגלאַנד קען דארום גערעכענט ווערן פאַר אַ גרעסערע אַלגעמיין־אַמעריקאַנישע, ווי מען זאָגט עס פאַן־אַמעריקאַנישע מאַכט, ווי אפילו יונייטעד סטייטס גופא, וועלכע בעזיצט אייגענטליך ניט קיין לאַנד אין צענטראַל אַמעריקא, ווען מען זאָל ניט רעכענען די אייביגע ארענדע אויף דעם קאַנאַל־זאָון (די פאַסען לאַנד ביי ביידע ברעגען פון פאַנאַמאַ קאַנאַל, וועלכע פערנעהמען סך הכל 474 סקווער מייל), און האָט אפילו ניט אַ קאָולינגסטיישאָן אין זיד־אַמעריקא. דערפון מעג מען שוין שליסען, אַז ענגלאַנד האָט אויך אַ גרעסערן אינטערעס אין דער אַנהאַלטונג פון דער מאָנראָו דאָקטרין, ווי יונייטעד סטייטס, אַ שלוס וואָס וועט געוויס ערשטוינען די יעניגע, וועלכע ווייסען פון איהר נור דאָס, וואָס עס ווערט געשריעבען אין טעגליכע צייטונגען מיט אַ סך פוסטע בעריהמערייען און מיט פייער־שפּייענדען פאַטריאָטיזם.

ניט וועניגער ערשטוינענד זיינען די אַנדערע שליסע, צו וועלכע מען מוז קומען, ווען מען פאָרשט אונפּאַרטייאיש די געשיכטע פון דער מאָנראָו דאָקטרין. נור דאָס וועלען מיר שוין לאָזען פאַר אַ צווייטען ארטיקעל.

מאַרק ארנשטיין

דער פריהלינג געהט

דראַמאַטישער עטיוד אין איין אַקט.

Copyright by Mark Arnstein, 1914

פּערזאָנען:

זינאַ, א לעהרערין, 30 יאָהר אַלט.
לילאַ, איהר אינגערע שוועסטער.
רחל, א יונגע דיענסט ביי זיי.
אַרנאָלד שטערן, א פּריקאַשטשיק.

ס'געשעהט אויף א זומער־וואָהנונג.

א גאַסט־צימער, וואָס דיענט אויך צוגלייך פאַר אַן עס־צימער. ניט רייך, נור ריין, ציכטיג און בכבוד'דיג. פון מעבעל און פון די גע־האַפטענע בילדער אויף די ווענד, ווי אויך פון אַנדערע כאַראַקטעריסטישע איינצעלהייטען איז קענטיג, אַז דאָ וואָהנען ניט קיין מאַנסבילען. עס איז א פריהלינגס־אָבענד. פון איינציגען אָפענעם פענסטער הערט זיך פויגעלאָך זינגען. אין שטוב איז א ווייל'ע קיינער ניטאַ.

זינאַ (קומט אריין פון קיך, טראָגענדיג איינציגע גלעזער מיט טעצלאַך. נאָך איהר געהט נאָך רחל מיט א זידיגען סאַמאָוואַר). באַלד, האַלט נאָך א ווייל'ע... איך וועל עפּעס אונטערשטעלען, זאָלסט מיר ניט איינשמירען ס'טישטוך... (זי טהוט עס). אָט איצט קענסטו שוין אַוועקשטעלען דעם סאַמאָוואַר.

רחל (קוקט זיך אַרום). וואו איז די פריילין לילאַ?

זינאַ (מיט א צופריעדענעם שמייכעל). דאָרט, ביי זיך.

רחל. מיט'ן הערר שטערן?

זינאַ. יאָ. דערלאַנג מיר די טהעע, וועל איך אַליין פערקאָכען.

רחל (דערלאַנגענדיג). איך קען אויך פערקאָכען טהעע, ווי דער הערר שטערן האָט ליעב. איך וויים...

זינאַ. אַז דו ווייסט, איז גוט. היינט פונדעסטוועגען וועל איך אַליין פערקאָכען די טהעע. בין איך שוין אַליין אין שטוב, וועל איך שוין די אַרבייט קיינעם ניט אַנטרויען... דערלאַנג בעססער אַהער די וואַרעניע.

רחל (דערלאַנגט). אָט די וואַרעניע האָט דער הערר שטערן ליעב צום מעהרסטען. אָט די עסט ער קיין מאָל ניט; די ווידער פער־זוכט ער יאָ אַמאָל, אָבער זי שמעקט איהם קיין מאָל ניט... (לייגט אוים די וואַרעניעס אויף בעזונדערע טעצלאַך).

זינאַ (שמייכעלט). ווי דו ווייסט עס אַלץ אַקוראַט... ווי אויסגעלערנט אויף אויסווייניג...

רחל. ס'אַ וואונדער, אַז א מענש קומט אריין אין שטוב שוין פינף חדשים, כמעט יעדען אָבענד. וואָס בין איך א פערד, איך זאָל ניט פערשטעהן... איך פערשטעה אַלץ!...

זינאַ. וואָס אשטייגער פערשטעהסטו?

רחל (היימיש). איך פערשטעה, אַז הערר שטערן מיט פריילין לילאַ קלייבען זיך חתונה האָבען.

זינאַ. ש־ש־ש... (ווייזט אויף דער טהיר, וואו זיי זיצען ביידע). ער וועט דער־הערען.

רחל (שטיל). וואָס איז, ס'איז דען נאָך אַלץ א סוד?

זינאַ. ש־ש... עס פּאַסט ניט.

רחל (שעלמיש). וואָס איז זיך דאָ צו שעהמען, א אידישע זאַך...

זינאַ. אָבער אַזוי לאַנג ווי ער האָט עס נאָך אַליין ניט אָפען ערקלעהרט...

רחל (פערוואונדערט). האָט ער אַליין נאָך וועגען דעם גאָרנישט גערעדט?... (ענט־טוישט). דאָס איז ניט שעהן פון זיין זייט... א מענש קומט פינף חדשים אין א שטוב אריין, וואו מען קאַרמעט איהם מיט פויגעל־מילך, וואו מען קוקט איהם פּראָסט אין די אויגען אריין, וואָסער מינע ער מאַכט... און צום סוף...

זינאַ (האַלט זי אָב מיט א שטרענגען בליק פון א ווייטערדיגען פּלאַפּלען). נו, גע־נוג שוין, דו פערשטעהסט עס ניט... און ס'איז ניט דיין זאַך...

רחל. ס'איז טאַקע ניט מיין זאַך, אָבער פונדעסטוועגען...

זינאַ (שלאָגט איהר איבער, דערלאַנ־גענדיג איהר געלד). געה, ברענג וואורשטלאַך מיט אויפשניט, נור קום באַלד צוריק. נו, געה שוין.

רחל (פויל). איך געה דאָך. איהר דאַרפט זיך ניט אַזוי יאָגען, הערר שטערן קאָן אַביסעל צוואוואַרטען, מיר האָבען אויף איהם לענגער געוואַרט... (אָב).

זינאַ (גיסט אָן טהעע אין דריי גלעזער,

צושטעלט זיי, לייגט אַוועק ביי זיי סאַרוועטלאַך, שטעלט אַוועק וואַרעניע, טהעע־געבעקס. קענטיג אַז זי טהוט די אַרבייט כמעט מיט א מוטערליך געפיהל. דערנאָך געהט זי שטיל צום טהיר, קלאַפּט אָן שטיל, פּאַוואָליע, און ניט בעקומענדיג קיין אַנטוואָרט, עפענט זי די טהיר און וויל אריינגעהן, אָבער באַלד, אויף דער שוועל, בלייבט זי ווי פערשטיינערט. קענטיג, אַז זי האָט דאָרט עטוואָס שרעקליכעס דערזעהען... פון דער טיעף פון צימער הערט זיך באַלד לילאַ'ס דערשראָקענער, פערשעמטער אויסגעשריי... גלייכצייטיג שפּרינגט זינאַ צוריק אָב, פערקלאַפּענדיג פאַר זיך די טהיר און מיט א געשריי פון העכסטער פערווירונג, שאַנדע און וועהטאָג, בעהאַלטענדיג דאָס פּנים אין ביידע הענד, פאַלט זי אויף דעם נאָהענטסטען שטול זיפּצענדיג שווער). אך, אך... לילאַ!... זי... ער... לילאַ... מיין לילאַ... ביי מיר אין שטוב... אָך... אָך... (און זי בלייבט אזוי א לענגערע ווײַלע, גלייך ווי א שווערער שטיין וואָלט פאַלענדיג פון דער הויך אויף איהר קאָפּ, זי אין גאַנצען פערטויבט, אָדער גאָר פון פערשטאַנד געריהרט...).

רחל (קומט פון קיך). פריילין זינאַ, איהר וועט פערשליעסען נאָך מיר די קיך, אָדער זאָל איך פערשליעסען און מיט זיך מיטנעהמען דעם שליסעל? הא?... (בעמערקט איהר פּאָזע). וואָס איז אייך דאָס, פריילין?

זינאַ (בעהערשט זיך). גאָרנישט... גאָרנישט... הא, וואָס זאָגסטו?

רחל. דער קאָפּ טהוט אייך וועה?

זינאַ. יאָ, ס'הייסט, ניין... וואָס האָסטו געפרעגט?

רחל. איך מיין וועגען פערשליעסען... די קיך מיין איך... וועט איהר פערשליעסען?

זינאַ. יאָ. (הויבט זיך קוים אויף און געהט איהר נאָך אין קיך אריין).

רחל. איהר האָט היינט בעדאַרפט אביסעל שפּאַצירען, וואָלט אייך דער קאָפּ ניט וועה געטהאָן. אין דר'אויסען איז אזא וואַרעמע, פרישע נאַכט... אַלע שכנים שפּאַצירען... אָבער געה, לאָז איבער אין שטוב א יונג מיידעל מיט אזא הערר שטערן... עס קען דאָך חלילה ווער ווייס וואָס געשעהן...

זינאַ. שוויינ!... (ביידע אָב).

לילאַ און שטערן (קומען ארויס פון לילאַ'ס צימער. ביידע זיינען זיי שטאַרק פערשעמט, וואַגען ניט אויפצוהויבען די אויגען, ארומצוקוקען זיך אין פערשיעדענע זייטען. נור ווען זיי בעמערקען, אַז זינאַ איז ניטאָ, ווערען זיי מיט אמאָל דרייסטער, קוקען זיך איבער מיט א פּיעל בעדייטענדען שמייכעל פון פרעכהייט און בעוואוסטזיניגער ליידענשאַפט...).

שטערן. דאָס הייסט: „פערשאָטען"...

(וויל ארויסשיסען מיט א געלעכטער).

לילאַ. ש־ש־ש... ניטאָ וואָס צו לאַכען... דאַרפסט זיך שעמען!...

שטערן. געדעכט... אָט געה איך שוין און נעהם זיך שעמען...

לילאַ. מיר איז די זאַך געוואַלדיג אונאַנגענעהם!...

שטערן. האָסט מורא, אַז זינאַ וועט דיך אָבשמייסען? כי, כי, כי...

לילאַ. ש־ש!... אָט געהט זי... האַלט זיך כאָטש מענשליך...

זינאַ (קומט פון קיך. בעמערקענדיג די ביידע, בלייבט זי שטעהן אויפ'ן אָרט פערשעמט, גלייך ווי זי וואָלט עס דאָ בעדאַרפט שעמען זיך... מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען געהט זי צו צום טיש, זעצט זיך אַוועק אויף איהר פּלאַץ און וואַרט. פּויזע).

לילאַ (רופט זיך אָן די ערשטע מיט א געמאַכטער דרייסטקייט). איהר וועט טרינקען טהעע, אַרנאָלד? דאַכט זיך, אַז אייער טהעע איז שוין אין גאַנצען קאַלט געוואָרען... קומט אַהער צום טיש.

זינאַ (כאַפּט מאַשינאַל, גיסט אָן א צווייטע גלאָז טהעע און שטעלט עס אַוועק פאַר אַרנאָלדען, וועלכער איז צוגעגאַנגען צום טיש). אפילו נאָך וואַרעם, נאָר איהר האָט דאָך ליעב גאַנץ הייסע טהעע... ביטע.

שטערן. א דאַנק... (טרינקט).

לילאַ (פריי). פאַר מיר איז מיין טהעע גענוג וואַרעם... איך האָב פיינד, אַז טהעע בריהט די צונג.

שטערן. זאָגט דעם אמת, אַז אייך געהט אין דעם, וואָס דאָקטוירים האַלטען, אַז הייסע טהעע שאַדעט דער שעהנקייט פון געזיכט...

לילאַ (ווי בעליידיגט). איהר האַלט מיך פאַר מעהר באַנאַל, אַלס איך בין...

שטערן. ענטשולדיגט, פריילין לילאַ. איך האַלט אייך גאָר ניט פאַר באַנאַל. פערקעהרט, איהר ווייסט עס גוט, אַז איך האַלט אייך פאַר א זעהר פאָרטגעשריטענע, דרייסטע און פרייע פרוי — פּאַרדאָן — פריילין!...

לילאַ (צולאַכט זיך). כאַ־כאַ־כאַ!... איהר מיינט, אַז מיך בעליידיגט דער נאָמען „פרוי?"

שטערן (פערענטפערט זיך). ניין, גאָט בעהיט...

לילאַ. אַלץ איינס: פרוי, פריילין... דער אונטערשיעד דאַרף אינטערעסירען סיידען נור דעם דאָקטאָר, ביי געוויסע קראַנקהייטען.

זינאַ (האַלט זיך קוים איין). וואָס רעדסטו, לילאַ?!

לילאַ. פּאַרדאָן!

זינאַ (סטאַרעט זיך ניט ארויסצואווייזען איהר אויפרעגונג). דו ווייסט, דאַכט זיך, ווי

איך לייד ניט ווען דו נעהמסט אזוי ריידען...

לילאַ (געמאַכט). ענטשולדיג...

זינאַ. דו ווייסט דאָך, וויפיעל געזונד קאָסט מיך דאָס צו הערען...

לילאַ. איך וועל שוין ניט מעהר...

זינאַ (פערשטעהט, אז לילאַ'ס ענטשולדיגונג איז ניט מעהר ווי חוזק). אַך, לילאַ, לילאַ... (מעהר געפינט זי ניט קיין ווערטער און זי ווערט ענטשוויגען. לענגערע פויזע).

שטערן. דער אבענד היינט איז אַזאַ שעהנער... פויגעלעך זינגען, ס'שמעקט די אַקאַציע, צום שיכור ווערען... אַלץ ערוואַכט צום לעבען, צו ליעבע... פריהלינג! געבענשטער פריהלינג!...

לילאַ. איהר פּאָעטיזירט, ווי א פּראָפעסיאָנעלער פּאָעט...

שטערן. איהר האָט אויך זעהר ניט ליעב די גראָהע פּראָזע פון אַלטעגליכען לעבען. ניט מעהר איהר סטאַרעט זיך אַלץ אויסצולאַכען. אַזאַ מאַניער׳ איז ביי אייך... איהר זיינט א... א....

לילאַ. א וואָס מיינט איהר, זאָגט ארויס. שעמט זיך ניט...

שטערן. אַ — היינטיגע...

לילאַ (צולאַכט זיך אויפ'ן קול, לאַנג, פריי, אריבערבויגענדיג זיך מיט'ן שטוהל, כמעט צום פאַלען).

זינאַ. לילאַ, וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס לאַכסטו, לילאַ?... (לילאַ פערגעהט זיך אין א היסטעריש לאַכען). לילאַ! וועסט אומקעהרען דעם שטוהל און וועסט פאַלען... לילאַ!...

שטערן (שפּרינגט אויף). איהר וועט ווירקליך פאַלען און זיך צושעדיגען...

רחל (ברייננגט אויף א טעלער די וואורשטלעך). אָט זיינען די וואורשטלעך.

לילאַ (הערט פּלוצלונג אויף צו לאַכען און מאַכט נאָך איבערטרייבענ־ רחל'ס ערנסטען טאָן). אָט זיינען די וואורשטלעך...

רחל. הייסע.

לילאַ. און הייסע דע־צו...

רחל. און דיקע, ווי הערר שטערן האָט ליעב...

לילאַ. ס'איז א ליגען, רחל! הערר שטערן האָט פיינד וואורשטלעך! הערר שטערן האָט ליעב נור פּאָעזיע...

רחל (נאַאיוו). ניין, דיקע וואורשטלעך האָט ער ליעב, מיט זענעפט.

לילאַ (שיסט ווידער אויס מיט א געלעכטער).

רחל (פערגאפט). וואָס לאַכט דאָס פריילין לילאַ?... וואָס האָב איך דען אַזעלכעס געזאָגט?...

זינאַ. געה, רחל, אין קיך אריין. איך וועל דיך רופען, ווען איך וועל דיך דאַרפען. געה...

רחל. איך האָב טאַקע געוואָלט בעטען... (שווייגט פערשעמט).

זינאַ. וואָס?

רחל (שטיל). דאָרט איז געקומען מיין חתן.

זינאַ. טאָ איז וואָס ווילסטו?

רחל. איך ניט, נור ער וויל דוקא, מיר זאָלען געהן אביסעל שפּאַצירען... ס'איז, זאָגט ער, היינט אַזאַ שעהנער אבענד...

לילאַ (ענדיגט). פויגעלעך זינגען, עס שמעקט די אַקאַציע...

רחל (נאַאיוו). יאָ, אזוי זאָגט ער...

לילאַ. אַלץ ערוואַכט צום לעבען, צו ליעבע...

זינאַ. לילאַ, שווייג שוין, לילאַ!...

רחל. וויל ער, מיר זאָלען אביסעל געהן שפּאַצירען. איך ניט, איך וואָלט בעסער געוואָלט אביסעל זיצען מיט איהם אין קיך, וויל ער ניט...

לילאַ. וואָס דאַרפסטו נאָך אזוי פיעל ריידען. כאַפּ דיין חתן און געה מיט איהם שפּאַצירען כאָטש אויף א גאַנצע נאַכט. ס'איז דאָך עפּעס היינט פריהלינג, שוועסטער! געבענשטער פריהלינג... (שטופּט זי ארויס).

זינאַ (שמייכעלט צו שטערנ'ען). וואָס זי רעגיערט עס היינט אויס א וועלט... הע, הע...

לילאַ. נו, און איצט צו די וואורשטלעך! (נעהמט ארום זינאַ און שטערן און זינגט די מאַרסעליעזע). „אַלאָנז אַנפאַן דע לאַ פּאַטריע...“

שטערן. (בעפרייט זיך). איך דאַנק. איך וועל נישט עסען.

לילאַ. פאַרוואָס? פּלוצלונג... פון דער הוילער הויט...

זינאַ. הערר שטערן האָט זיך געוויס אויף דיר בעליידיגט.

לילאַ. וואָס דיר קען איינפאַלען. ס'הייבט זיך אפילו נישט אָן.

שטערן. ווער זאָגט עס. איך בעליידיגט אויף פריילין לילאַ? פערקעהרט, איך האָב זעהר ליעב, ווען זי איז אזוי פרעהליך. ביי אונז אין געשעפט איז אייביג אזוי לאַנגווייליג, טרויעריג, איבערהויפּט די לעצטע צייטען, ווען ס'געהט נישט אַוועק דער טאָג אָהן באַנקראָט. דער בעל־הבית געהט ארום אָנגעבלאָזען, קיין קונה זעהט מען נישט אויף א רפואה, אז... אז ס'לעבען ווערט אַזש פער'מיאוס'ט!... איז, ווען ס'קומט ביי נאַכט, ס'געשעפט איז פערמאַכט, מען ווערט פּטור פון דעם בעל־הבית מיט זיין זויערע מינע און מען גיט זיך א כאַפּ אריין אין וואַגאָן צו פאָהרען צו אייך אויפ'ן זומער־וואָהנונג. איז טאַקי... פיהלט מען

זיך טאַקי גאָר אַן אַנדערער מענש . . . פונ־דעסטוועגען דאַרף מען שוין גען . . . (ווייל זיך געזעגענען).

זינאַ. פאַרוואָס־זשע ווילט איהר אוועק־געהן ?

לילאַ. פרעג נישט, זינאַ. מען דאַרף נישט פרעגען. ער וויל געהן, טאָ זאָל ער זיך געהן . . .

זינאַ. אָבער פאַרוואָס ?

לילאַ. וואָס געהט עס דיך אָן. אפשר פיהלט הערר שטערן איצט נישט גוט מיט אונז. אפשר וויל ער בלייבען אַליין מיט זיך, מיט זיי־נע געדאַנקען. הערר שטערן איז אַ פרייער מענש און קאָן טהון וואָס איהם געפעלט.

זינאַ. (אין פערלעגענהייט). יאָ. אַ פרייער מענש . . . ווער זאָגט דען אַנדערש . . . אָבער דאָך . . .

לילאַ. וואָס דאָך ?

זינאַ. (אַראָבלאָזענדיג די אויגען). איך מיין, אַז נאָכדעם וואָס דאָ איז געשעהען . . .

לילאַ. וואָס געשעהען, וואו געשעהען ?

זינאַ. (נאָך שטילער). אָט . . . כ'מיין... וואָס דאָרט . . .

לילאַ. ווער ? ווען ? וואָס רעדסטו עפּעס . . .

זינאַ. אָט, איצט . . . דאָרט . . .

לילאַ. איך פערשטעה נישט . . . איך וויים נישט וואָס אייגענטליך ווילסטו ? . . .

זינאַ. אָבער ער פערשטעהט עס . . . ער פערשטעהט עס שוין גוט . . .

שטערן. מיך מיינט איהר ?

זינאַ. יאָ, אייך . . . איהר וועט דאָך נישט לייקענען, נאָכדעם וואָס איך האָב אַליין געזעהען, מיט מיינע אייגענע אויגען . . . בע־סער וואָלט איך עס נישט דערלעבט צו זע־העון !... בעסער וואָלט איך פריהער . . . (זי ווישט די טרעהרען) איידער . . . איי־דער . . .

שטערן. פריילין זינאַ, צו בעסטען וועט זיין, אַז מיר וועלען דערפון גאָרנישט ריידען... אַ גוטע נאַכט. (דערלאַנגט איהר די האַנד).

זינאַ (קוקט אויף איהם מיט דער גרעס־טער פערוואונדערונג, נישט געבענדיג איהר האַנד). ווי הייסט... נאָכדעם וואָס איז דאָרט געשעהען... נאָכדעם וואָס איהר האָט זיך ער־לויבט . . . איהר קאָנט דאָך דאָס מיר נישט אָבלייקענען אין די אויגען, איך האָב דאָך גע־זעהען . . . נאָך דעם אַלעם געהט איהר זיך גאָר אוועק ווי קיינמאָל גאָרנישט . . .

לילאַ. וואָס ווילסטו, זינאַ ? וואָס האָסטו זיך היינט אָנגעטשעפּעט אָן הערר שטערן ?...

זינאַ. אָנגעטשעפּעט זאָגסטו ? ! . . . דו זאָגסט עס אַליין !... לילאַ !... נו, זאָגט שוין איהר אַליין, הערר שטערן... רופט איהר זיך אָן . . .

שטערן. אַז איך וויים נישט וואָס . . . וואָס אייגענטליך ווילט איהר פון מיר ?

זינאַ. איהר ווייסט נישט . . . איך האָב אייך געהאַלטען פאַר אַן אָרענטליכען מענש, פאַר אַ פיינעם מאַן — און צום סוף . . . אָך, גאָט מיינער ! . . . זאָג־זשע שוין דו אַליין, לילאַ ! פאַרוואָס זאָגסטו נישט ?...

לילאַ. איך האָב נישט וואָס צו זאָגען און פערדרעה מיר נישט דעם קאָפּ . . .

זינאַ. פאַרוואָס לייקענסטו, לילאַ ? !... ווי קאָנסטו עס נאָך לייקענען, ווען איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהען ! . . .

לילאַ (דרייסט). איך לייקען גאָרנישט ! האָסטו געזעהען, איז פערפאַלען ! . . .

זינאַ (צו שטערן). נו, זעהט איהר שוין . . . און איהר האָט געוואָלט זיך אַזוי אוועקגעהן גלייך ווי קיינמאָל־גאָרנישט . . .

שטערן. איהר מיינט דען, פריילין זינאַ, אַז איצט האָב איך שוין מעהר נישט קיין רעכט פון דאַנען אוועקצוגעהן . . . ס'הייסט, דייט־ליך גערעדט, וואָס פערלאַנגט איהר דען פון מיר נאָכדעם, ווי אייער שוועסטער האָט זיך מודה געווען ? דאָס האָט אייגענטליך געדאַרפט פערבלייבען בלויז אונזער סוד . . . אַזוי האָבען מיר, הייסט עס — מיט אייער שוועסטער בע־שלאָסען.

זינאַ. איהר האָט בעשלאָסען ? ווי, הייסט עס, איהר האָט בעשלאָסען . . . און די וועלט ? וואָס וועט די וועלט זאָגען ?

שטערן. אָך, די וועלט . . . לאָזט די וועלט צו רוה, און זאָל זי אייך צו רוה לאָ־זען . . . ס'איז צייט — דאַכט זיך, איהר זאָלט שוין וויסען, אַז די פראַגע איז שוין צו אַלט, פערשימעלט און גענוג־לעבערליך . . .

זינאַ. נו, איהר אַליין ? . . . און זי ?... איך קוק אויף דיר, לילאַ, און איך דערקען דיך נישט ! . . . איך האָב דיך אַלע מאָל געהאַל־טען פאַר אַזאַ שעמעוודיגע . . . פאַר אַזאַ עהר־ליכע און ריינע . . .

לילאַ. (שטאָלץ). איך בעט דיך, זינאַ, זאָלסט זיך רעכענען מיט די ווערטער. דו האָסט קיין רעכט מיך צו בעליידיגען . . .

שטערן. איך מיין אויך, אַז דאָס דאַרפט איהר נישט טהון. לילאַ בלייבט עהרליך און ריין, ווי זי איז ביז איצט געווען . . .

זינאַ. (מיט אַ שטראַהל פון פרייד). הייסט עס, האָט איהר מיט איהר חתונה ?...

לילאַ (נערוועז). איך בעט דיך, זינאַ, מיש דיך נישט אַריין אין אונזער לעבען . . . וואָלסט פיעל בעסער געטהאָן, ווען דו רעדסט גאָרנישט וועגען דעם אַלעמען . . .

זינאַ. אום גאָטעס ווילען . . . איך מוז דאָך ! איך בין דאָך דיין עלטערע שוועסטער...

אויף מיינע הענד ביזטו אויסגעוואַקסען ; איך האָב דאָך אין דיין לעבען כמעט די זעלבע ראָלע ערפילט, וואָס אַ מאַמע . . . זאָל איך דען איצט, אין אזא וויכטיגען מאָמענט . . . האָב איך דען ס'רעכט, מעג איך דען אין דער מי־נוט, ווען ס'וויעגט זיך דער גורל פון דיין גאַנץ לעבען, בלייבען גלייכגילטיג ?. . . הערר שטערן, איך האָב אַלע מאָל געגלויבט אין אייער עהר־ליכקייט און אייער אָרענטליכקייט. איהר שטאַמט דאָך פון אזא פיינע פאַמיליע . . . שוין באַלד אַ האַלב יאָהר, ווי איהר געהט צו אונז אַריין . . . איך האָב דאָך געזעהען, אז דאָ קומט עפּעס פאָר, נאָר איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש . . . און איך האָב געוואַרט, אַז אָט־אָט . . . יעדען טאָג בין איך געווען זיכער, אָט קומט איהר און רעדט וועגען אייער חתונה מיט לילאַ . . . נו, האָט איהר ביז איצט געצעגערט . . . נו, האָב איך זיך ניט דערוואַרט... אָבער איצט וועט איהר דאָך שוין די זאַך אויף ווייטער ניט אָבלייגען... איהר זענט דאָך אַ פיינער מאַן . . . איהר זענט דאָך אַ מענש, וואָס פערשטעהט די פעראַנט־וואָרטליכקייט פאַר זיינע טהאַטען . . . איצט קאָן עס דאָך שוין אַזוי לענגער נישט דויערען... דאָס פערשטעהט איהר דאָך אַליין . . . איהר זענט דאָך פון אַזאַ אָרענטליכער פאַמיליע — נישט אַבי ווער פון גאַס ! . . . נו, פאַרוואָס ענטפּערט איהר נישט, הערר שטערן ? פאַר־וואָס . . . פאַרוואָס זאָגט איהר נישט אייער וואָרט ? . . . איהר זענט דאָך אַן אָרענטליכער מענש . . . נו, זאָגט־זשע שוין אייער וואָרט . . .

שטערן. (רעדט צו זינאַ, קוקענדיג אויף לילאַ'ן). ווירקליך, פריילין זינאַ — איהר שטעלט מיך אין אַ פערלעגענהייט . . . פריי־לין לילאַ ווייסט אַלץ, מיר האָבען וועגען דער פראַגע נישט איינמאָל גערעדט . . .

זינאַ. (ווידער מיט אַ שטראַהל פון פרייד). האָט איהר יאָ וועגען דעם גערעדט ? !

שטערן. יאָ, אָבער, ס'הייסט, אַנדערש... מיר האָבען די פראַגע פּרינציפּיעל בעהאַנ־דעלט . . . מיינט נישט, אַז מיר זיינען לייכט־זיניגע קינדער, אָדער גלאַט אַזוי . . . ניין . . . אויב איהר האָט אַזוי געמיינט, האָט איהר אַ טעות געהאַט, גאָר אַ שטאַרקען טעות . . .

זינאַ. גאָט זיי דאַנק ! . . .

שטערן. איהר זאָגט חתונה האָבען . . . יאָ, איך זאָג נישט, אַז איך בין פּרינציפּיעל אַ געגנער פון חתונה האָבען, פערקעהרט, חתונה דאָס איז נישט קיין שפּיעלעכעל . . . דאָס איז נישט קיין קינדער־שפּרונג . . . פּרינציפּיעל איז עס די ערנסטעסטע טהאַט אין מענשען'ס לעבען... יאָ, קיין מעהר ערנסטעס גיעבט שוין גאָרנישט ! אַ קלייניגקייט ! ס'איז דאָך אויפ'ן גאַנצען לעבען . . . מיר האָבען וועגען דעם נישט איינמאָל מיט פריילין לילאַ גערעדט — און פריילין לילאַ פערשטעהט עס אויך, אַז . . . נו, זאָל זי עס אייך אַליין זאָגען. זי וועט עס בעסער איבערגעבען . . . אַ פרוי מיט אַ פרוי, איבערהויפּט אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער ריידען זיך גיכער צוזאַמען אין אַזעלכע פאַלען. זיי פערשטעהען זיך בעסער... נו, זאָגט עס אַליין, לילאַ.

לילאַ (נערוועז). איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגען. איבעריגענס דאַרפסטו עס, זינאַ, אַליין פערשטעהן . . . וואָס אַ קינד ביזטו ?...

זינאַ. אז איך פערשטעה אָבער דאָך נישט, וואָס איך דאַרף דאָ פערשטעהן ! . . .

שטערן. פאַר פריילין לילאַ איז שווער צו ריידען מיט אייך וועגען דער פראַגע אין מיין געגענוואַרט . . . נו, דאָס איז אויך גאַנץ פערשטענדליך. וועל איך טאַקי איצט אַוועק־געהן, דאָס וועט זיין דאָס בעסטע. (קוקט אויפ'ן זייגער) שוין באַלד צעהן, איך וועל נאָך אויספייען אויפ'ן פאָרלעצטען צוג, וואָס געהט אָב אין שטאָדט אַריין. דער לעצטער צוג איז אייביג איבערפילט . . . אדיע . . .

לילאַ. (דערלאַנגט איהם די האַנד). אַדיע. מאָרגען וועלען מיר זיך דאָך זעהען ? . . .

שטערן. ס'הייסט . . . איהר מיינט . . .

לילאַ. וואָס איז דען דאָ צו מיינען . . . מאָרגען קומט צו אונז צו פאָהרען, ווי יעדען אבענד . . .

שטערן. גוט וועל איך קומען . . . אַדיע. (אָב).

זינאַ. (שטוינט). און דו האָסט איהם געלאָזט אַזוי אַוועקגעהן ? !

לילאַ. וואָס דען ? האָב איך געדאַרפט איהם מיט געוואַלט פערהאַלטען ? אָך, זינאַ, דו ביזט אַזאַ קלוגע, אַזאַ פּראַקטישע, און דאָך רעדסטו ווי אַ קינד.

זינאַ. איך, אַ קינד ? איבעריגענס אפשר... זאָל שוין זיין אַזוי. איך פערשטעה ווירקליך נישט, וואָס דאָ טהוט זיך. נו, זאָג זשע דו מיר, זאָג מיר אַלץ . . . איך בין דאָך דיין שוועסטער, דיין עלטערע שוועסטער. נאָך מעהר ; איך בין דאָך דיין נאָהענטסטער פריינד ! . . . כמעט אַ מאַמע בין איך דאָך דיר געווען ! . . . נו, רעד איצט צו מיר, ווי צו אַ מאַמע ! . . .

לילאַ. ניין ! גאָרנישט ווי צו אַ מאַמע. איך וויל נישט. ווי צו אַ פריינדין וועל איך צו דיר ריידען, — ווי צו אַ שוועסטער . . .

זינאַ. זאָל זיין. נאָר זאָג מיר אַלץ, אָפען... אָ, אַ קאַלטער שווייס האָט מיך אַזש בעגאָ־סען ! . . . (זי ווישט דעם שטערן).

לילאַ. נאָר בערוהיג זיך. הער מיך אויס רוהיג . . . (זיי זעצען זיך אַוועק אויף אַ דיוואַן).

זינאַ. איך בין שוין רוהיג. נו, זאָגט... נו, רייד שוין . . . ווי האָסטו עס געקענט זיך אַזוי פערגעסען ? . . . געוואַלד — דו, דו ! . . .

ניין! איך וועל עס נישט איבערטראָגן . . . מיין לילאַ! . . . מיין לילאַ! . . . (זי וויינט).

לילאַ. (הערצליך). זינאַ . . . זינעטשקאַ טייערע . . . בערוהיג זיך. איך ווייס, אַז דו ווילסט מיין בעסטעס . . . איך ווייס, אַז דו ביזט מיין בעסטער, מיין נאָהענטסטער פריינד... איך ווייס עס גוט. און דערפאַר בעט איך דיך — פערשטעהע מיך. סטאַרע זיך מיך פערשטע־הען . . .

זינאַ. וואָס זאָל איך דאָ פערשטעהן? זאָג מיר?

לילאַ. פערשטעה, אַז איך האָב פולע רעכט צו לעבען נאָך מיין פערשטאַנד נאָך. איך בין דאָך שוין נישט קיין קינד. פאַר מיינע טהאַטען בין איך נאָר אַליין פעראַנטוואָרטליך, און נאָר פאַר זיך אַליין . . .

זינאַ. זאָל זיין אַזוי. אָבער פאַרוואָס האָסטו עס געטהאָן? פאַרוואָס?!

לילאַ. ווייל איך וויל לעבען! איך וויל זיין פריי! . . .

זינאַ. וואָס הייסט דען ביי דיר פריי?...

לילאַ. פריי ווי דער מאַן! וואָס ס'איז ערלויבט יעדען הערר שטערן, דאָס איז אויך מיר ערלויבט. איך בין נישט ערגער פון זיי, און איך וויל אין דעם הינזיכט אויך נישט זיין בעסער פון זיי!

זינאַ. (ווי פערווירט). לילאַ! לילאַ! דאָס זאָגסטו?! . . . הייסט עס — אויב איך האָב דיך פערשטאַנען, אויב איך האָב אייך ביי־דע פערשטאַנען — איז דאָס אַלץ ביי אייך געווען נישט מעהר ווי אַ שפּיעלכעל! . . . גאָט מיין איינציגער! הייסט עס, אַז איהר האָלט גאָר נישט ביי חתונה האָבען אפילו! . . . געוואַלד! . . . איך וועל דאָ פון זינען אַראָב!...

לילאַ. בערוהיג זיך נאָר, און לאָמיר ריי־דען ווי מענשען . . .

זינאַ. (שלאָגט איהר איבער). איך וויל נאָר איינס וויסען: צו האָט הערר שטערן חתונה מיט דיר, צו נישט? דאָס זאָג מיר נאָר! . . .

לילאַ. פאַרוואָס פרעגסטו נישט, זינאַ, צו וויל איך מיט איהם חתונה האָבען? . . .

זינאַ. (קוקט אויף איהר שטאַר). וואָס, דו ווילסט נישט? . . .

לילאַ. ניין, איך וויל נישט . . .

זינאַ. דו גאָר?! . . . נאָך דעם אַלע־מען קענסט דו נאָך ניט וועלען... פאַר־וואָס זשע איז דאָס דאָרט געשעהען, ווען דו ווילסט איהם נישט? אויב דו פיהלסט, אַז הערר שטערן איז נישט דער, וועלכער קען אויפ'ן גאַנצען לעבען זיין דיין מאַן? . . .

לילאַ. אָבער פערשטעה דאָך, זינאַ, אַז דערמיט וואָס שטערן האָט מיך פיזיש בעזיעגט, זיינען נאָך נישט אויסגעגלייכט געוואָרען אַלע אונטערשיעדען וואָס עקזיסטירען צווישען אונז. יעדער מאַנספערשוין וועט דיר זאָגען, אַז אַ פרוי אויף אַ ווילע, איך מיין — אַ פרוי פאַר אַ צייטווייליג פערגעניגען, אָדער ליידענשאַפט, און אַ פרוי אויפ'ן גאַנצען לעבען, ס'הייסט אַ ווייב, אַ פריינד, אַ לעבענסבעגלייטער, אַן איינ־ציגער חבר, דאָס איז נישט איינס און דאָס זעלבע . . . אמת, מיר געפעלט הערר שטערן... זיין מענערישע קראַפט האָט מיך בעזיעגט. איך האָב זיך אונטערגעגעבען זיין יונגער, געזונדער ליידענשאַפט, ווייל איך בין אַליין אויך יונג, געזונד און ליידענשאַפטליך . . . אָבער מיין איינציגער לעבענס־פריינד, מיין איינציגער הערשער, מיין מאַן און געליעבטער אויפ'ן גאַנצען לעבען — דאָס קען הערר שטערן קיינ־מאָל נישט זיין! אויף דעם זיינען מיר צו ווייט איינס פון אנדערן! צו פערשיעדען . . . צו פרעמד . . . און אויסער דעם . . .

זינאַ. (אויסער זיך). גענוג! איך דאַרף נישט מעהר! . . . אָך, ס'איז דאָך מיר פינס־טער געוואָרען אין די אויגען! . . . וואָס איז פון דיר פלוצלונג געוואָרען? איך האָב דאָך פון דיר קיינמאָל אַזעלכע ווערטער נישט גע־הערט! . . . איך דערקען דיך נישט . . . גלייך ווי דו וואָלסט גאָר נישט געווען מיין שוועס־טער . . .

לילאַ. (וויל זי בערוהיגען). אָבער פאַר־וואָס זאָלסטו דען אַזוי איבערטרייבען, זינאַ? בערוהיג זיך נאָר און נעהם די זאַך אויפ'ן רו־היגען פערשטאַנד, וועסטו דאן אַלץ גאָר אַנ־דערש זעהען . . . גלויב מיר, זינאַ, די פאַר־שטעלונגען, וועלכע דו האָסט וועגען מאָראַל, האָבען גאָרנישט צו טהון מיט מיין טהאַט. איך מיין — מיט דעם, וואָס איז געשעהען צווישען מיר און אַרנאָלדען... איבערהויפּט, די גאַנ־צע געשיכטע ווייזט זיך דיר נאָר אויס שרעק־ליך דערפאַר, ווייל דיינע איבערצייגונגען זיינען פערבליעבען צו קאָנסערוואַטיוו פאַר די היינ־טיגע צייטען, פאַר די בעדינגונגען פון היינטי־גען לעבען . . .

זינאַ. איך ווייס, דו רעדסט מיר אויס מיינע דרייסיג יאָהר . . . אָבער דאָס מאַכט מיר נישט אויס. פערקעהרט: איך בין שטאָלץ אויף מיינע — ווי דו רופסט זיי אָן — קאָנ־סערוואַטיווע איבערצייגונגען, וועלכע האָבען מיר געפיהרט דערצו, אַז איך האָב פערטריעבען פון זיך מיין געליעבטען חתן נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָגט זיין פרעך און וואולגאַר מיט מיר . . . אפשר האָט ער מיך ווירקליך גע־ליעבט... איך איהם האָב זיכער געליעבט, ער איז דאָך געווען דער ערשטער מאַן, וועלכען איך האָב אַוועקגעשענקט מיין הארץ און מיינע געפיהלען . . . אָבער אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך ערלויבט גרינגשעצען מיין עהרע, מיין מיידעלשע ריינקייט, דאָס טייערסטע, דאָס שטאָלצעסטע, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין

לעבען, אין דעם מאָמענט איז ער מיר געוואָרען פרעמד און פיינדליך ! עלף יאָהר איז שוין פון דעם אבענד פאָריבער און נאָך קאָן איך וועגען איהם נישט דענקען אָהן פערדרוס, אָהן האַס ! יאָ, איך האַס איהם נאָך ביז היינטיגען טאָג ! אפשר היינט נאָך מעהר, אַלס דעמאָלט ! ווייל ער האָט מיר מיין יוגענד גערויבט ! מיין גאַנץ לעבען האָט ער אויף אייביג צושטערט !

לילאַ. דו האָסט עס דיר אליין צושטערט ! . . . נאָר דו אַליין ביזט דערין שולדיג ! . . .

זינאַ. (עקסטאַטיש). אויב אונשולד איז שולד, דאַן בין איך שולדיג ! און איך וויל אויף מיין גאַנץ לעבען שולדיג פערבלייבען !...

לילאַ. דו האָסט אָבער אַ ביטערן טעות,

זינאַ. דאָס וואָס דו רופסט אונשולדיג, דאָס איז ניט מעהר, ווי דער שקלאַפישער אינסטינקט, וועלכען דער מאַן האָט אין דער פרוי איינגעפלאַנצט פאַר טויזענדער יאָהרען ! נישט פאַר זיך פייניגסט דו דיין לייב, נישט פאַר זיך האָסטו זיך ענטזאַגט פון די הייליגע רעכטע פון דיין יוגענד, פון דיין געשלעכט, פון דיין טעמפעראַמענט, נאָר פאַר א י ה ם ! פאַר דעם א י י נ ע ם, וועלכער דאַרף קומען און דיך קויפען לויט אַלע פאָרמאַליטעטען פון דער העשענדער אָרדנונג, אויף פאַפּיער, מיט חתימות, מיט עדות, אַלס אַ נ י י ע ז אַ ך, נישט פון קיינעם בענוצט פאַר איהם און ביי איהם — און אפילו נאָך איהם ! — אויף אייביג ! . . . דו האָסט זיך פערקויפט דעם האַר, נישט קענענדיג איהם, נישט וויסענדיג, צו ער וועט גאָר ווערטה זיין, דו זאָלסט פאַר איהם אזאַ גרויסען קרבן ברענגען, צו וועט ער אימשטאַנד זיין דאָס געהעריג צו שעצען . . . דו האָסט זיך פערקויפט דעם האַר, וואָס וועט אפשר קיינמאָל נישט בעוויליגען קומען דיך קויפען, ווייל דו האָסט אויף איהם שוין צו לאַנג געוואַרט . . . ער האָט זיך פערשפעטיגט און דו ווערסט דערפאַר גרויזאַם בעשטראַפט ! אפשר קען ער דיך, און לאַכט דיך אויס, נאָר דערפאַר ווייל דו ביזט אזוי איינגעשפאַרט ריין . . . אפשר מאַכט ער גאָר אונפערשעמט חוזק פון דיינע איבעריגע מיידל'שע יאָהרען, פון דיין טריי זיין, וואַרטען און ליידען . . .

זינאַ. (שטאָלץ). זאָל זיין אזוי ! אויב דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז אפילו אמת, אַרט עס מיך אויך נישט.

לילאַ. דאָס איז אַ ליעגען ! דו לייקענסט פאַר זיך אַליין, ווי דאָס אַרט דיך, ווי דאָס טהוט דיר וועה ! . . .

זינאַ. איך שווער דיר ביי אַלעם הייליגען, אַז דאָס, וואָס איך זאָג, דאָס פיהל איך איצט ! ווייל נישט איהם, דעם אונבעקאַנטען, בין איך טריי געבליעבען, נאָר זיך זעלבסט . . .

לילאַ. דאַן ביזטו אַ העלדין. דו האָסט אָבער נישט קיין רעכט צו פאָדערן, אַז אַלע זאָלען זיין העלדען . . . איבריגענס — אויב דו מיט דיין האַנדלונג ביזט טריי זיך זעלבסט, דיין נאַטור און דיין טעמפעראַמענט, בין איך אויך מיט מיין האַנדלונג זיך אין גאַנצען טריי... מאָרגען ווער איך צוואַנציג יאָהר אַלט — וויל איך נישט פערטרייבען פון זיך מיין יוגענד, ווי דו האָסט עס געטהון ! ביים אָפענעם פענסטער ענטפלעק איך מיינע ברוסטען צום פריהלינג און אָטהעם איין אין זיך זיין שכּור'ע לייז־דענשאַפט ! יאָ ! איך וויל זיין שכור ! איך וויל זיך אין גאַנצען איבערענטפערן דער פרייד פון לעבען ! אין מיין האַרץ האָבען זיך צושפּיעלט כשופ'דיגע מעלאָדיען און איך וויל זיי נישט פערטרייבען ! זאָלען זיי שפּיעלען ! איך פיהל זיך גליקליך, ווייל איך נישט זיפצען ! איך פיהל זיך רייך, איך פערמאָג דאָך דעם גרינכטען לעבענס־שאַץ—יוגענד... ווייל איך נישט אָנקליידען קיין אָרעמע, צורייסענע קליידער... גיכער וועל איך אַ נאַקעטע טאַנצען איבער די גאַסען און אויב מיין פּנים וועט דערביי רויט ווערען, דאַן מיינט נישט, אַז דאָס איז פון שאַנדע ! ניין ! איך בין שעהן — שעם איך זיך נישט . . . דאָס האָט זיך מיין היים יונג בלוט אין מיינע צאַפּעלדיגע אָדערן צושפּיעלט. דערפאַר בין איך רויט ! זאָלען זיך שעמען די, וואָס האָבען פאַר'ן הייליגען געטליכען פריהלינג זייערע פענסטער און לאַדען פערשפּאַרט און פערריגעלט . . . זאָלען זיך שעמען די, וואָס האָבען פערוועלקט נאָך איידער זיי האָבען געזעהען די זון . . . און אויב איך וועל בלאַס ווערען — איז עס נישט פון שרעק פאַר אייער וועלט, פאַר זיין מיינונג, און פאַר זיין שטראָף... ניין ! דאָס ווער איך בלאַס פון כעס, ווייל אנשטאַט צו טאַנצען מיט מיר אָפען און פריי, טהוט איהר דאָס אַלע שטיל און בעהאַלטען... איהר אַלע האָט מורא ! איהר אַלע לעבט און ליעבט אין איין שרעק און ציטערניש . . . איך אָבער שרעק זיך נישט פאַר קיינעם, סיידען פאַר זיך אַליין ! . . .

זינאַ. (אויסער זיך). אויב דו שרעקסט זיך נישט פאַר קיינעם, ביזטו נישט מיין שוועסטער, און איך וויל מעהר מיט דיר אפילו נישט וואוינען צוזאַמען ! איך וויל נישט טראָגען אויף זיך אַ טהייל פון דיין שאַנד ! . . .

לילאַ. זינאַ ! . . .

זינאַ. פערלאָז מיין שטוב ! איך וועל אונצוכט אין מיין שטוב קיין איין מינוט נישט ליידען !

לילאַ. גוט, זאָל זיין . . . וועלען מיר זיך מאָרגען צוגעהן . . .

זינאַ. ניין ! נאָך היינט ! באַלד, די מינוט, זאָלסטו מיין שטוב פערלאָזען !

לילאַ. (לאָזט אראָב דעם קאָפּ און געהט אוועק אין איהר צימער).

זינאַ. (געהט צו צום פענסטער, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן פענסטער־ראַהם, אָטהעמענדיג שווער).

שפּאַצירענע מיידלעך (זינגען אונטערן פענסטער*).

דער פריהלינג געהט ! פון נאָהענט־ווייט,
פון וואַלד און בּאַרג לאָזט ער זיך הערען . . .
דער פריהלינג געהט, איך רוף איהם גערן :
קום פריהלינג, קום ! ברענג אונז דיין פרייד,
קום פריהלינג, קום ! ברייננ אונז דיין פרייד...

זינאַ. (פערקלאַפּט דאָס פענסטער בייז. דאָס געזאַנג הערט זיך ווייטער, נאָר שוואַך, וואָס אַ מאָל שוואַכער, ביז ס׳וועט אין גאַנצען שטום).

לילאַ. (קומט פון איהר צימער אָנגעטהון, רופט שטיל). זינאַ ! . . .

זינאַ. (פערבלייבט אויף דעם זעלבען אָרט, ריהרט זיך ניט. פּויזע).

לילאַ. זינאַ. איך געה אַוועק. ווילסטו זיך מיט מיר אפילו נישט געזעגענען ?

זינאַ. (ענטפערט נישט).

לילאַ. איך נעהם גאָרנישט מיט זיך. אויב דו וועסט מיך מאָרגען נישט זוכען, וועל איך אויפ׳ן דריטען טאָג שיקען נאָך מיינע זאַכען . . .

זינאַ. מאָרגען קענסטו נאָך דיינע זאַכען שיקען . . .

לילאַ. אָרעמע שוועסטער ! איך בין נישט בייז אויף דיר, ווייל איך ווייס ווי אונגליקליך דו ביזט. איך פיהל עס בעסער פון דיר . . . דיין האַרץ איז געוואָרען האַרט פון ליידען און פון קאַמפּף, דיין נשמה איז דיר פערגליווערט געוואָרען ווי אייז פון איינזאַמקייט, ווייסטו אַליין נישט וויפיעל טרויער עס ערוואַרטעט דיך נאָך אין לעבען . . . זיי געזונד, ליעבע שוועסטער, איך האָב דיך ליעב און דערפאַר טהוט מיר זעהר, זעהר לייד אויף דיר און אויף דיין פערשפּיעלטען לעבען . . . (זי געהט צו דער טהיר, סטאַרענדיג זיך איינהאַלטען די טרעהרען, אָבער אויף דער שוועל ברעכט זי דאָך אויס מיט אַ היים געוויין — און אויסשטרעקענדיג די הענד צו דער שוועסטער שלוכצט זי) זינאַ ! זינאַ ! . . . שוועסטער מיינע ! . . .

זינאַ. (בלייבט אויף איהר פריהערדיגען פּלאַץ, בעוועגלאָז).

*) לויט דער מעלאָדיע פון רוסישען ליעד „וועסנאַ איד׳יאָט“.

לילאַ. (בעהערשט זיך). זיי געזונד ! (שנעל אָב).

זינאַ. (קוקט שטאַר אויף די טהיר. באַלד הערט זיך פון קיך אַ קלאַפּ מיט דער טהיר, דעמאָלסט ווייל זי לויפען מיט אויסגעשטרעקטע הענד, צוריקרופען די שוועסטער. אָבער מאַכענדיג קוים צוויי טריט, האַלט זי זיך באַלד שטאָלץ צוריק, בלייבענדיג שטעהן אין מיט׳ן שטוב. אַ ווייַלע און ווישענדיג דעם קאַלטען שוויים פון שטערן. דערנאָך געהט זי צו צום טיש און פערלעשט דעם לאָמפּ. פון פענסטער שיינט אַריין אַ העלע לבנה, אין איהר שיין געהט זי צום פענסטער און עפענט עס. אַ גרופּע יונגע־לייט, מיידלעך און בחורים, שטיפען און לאַכען גאָר נאָהענט פון פענסטער, נאָר מען זעהט זיי נישט).

אַ יונגע שטימע*)

אַלץ לעבט און בליהט, דער פויגעל שפּיעלט,
דער פריהלינג וועט איהם שוין דערנעהרען . . .
דער פריהלינג געהט, איך רוף איהם גערן,
ער קומט אין בלומען איינגעהילט — —
ער קומט אין בלומען איינגעהילט.
געבענשט זאָלסט זיין, דו פריהלינג מיין !
מיין ליעבער וועט זיך היינט אומקעהרען ; . . .
דער פריהלינג געהט, איך רוף איהם גערן,
געענדיגט האָט זיך היינט מיין פּיין — —
געענדיגט האָט זיך היינט מיין פּיין . . .

רחל. (קומט צו צום פענסטער). פרייליין זינאַ, איהר קענט פערשליסען די טהיר פון קיך, ווייל איך וועל נאָך לאַנג שפּאַצירען. איך וואָלט עס נישט, נאָר מיין חתן זאָגט, אַז ער וועט מיך היינטיגע נאַכט אין גאַנצען נישט לאָזען שלאָפען געהן. די נאַכט איז אַזאַ שעהנע, אַזאַ שמעקענדיגע, די לבנה שיינט אַזוי העל . . . איך וועל פערמאַכען די לאָדען און וועל זיי פעסט פערריגלען, וועט איהר קאָנען רוהיג זיך לייגען שלאָפען . . . יאָ ? (זי פערמאַכט די לאָדען. אין שטוב ווערט שטאָק־פינסטער, נאָר דאָס געזאַנג לאָזט זיך נאָך הערען, ווי פערשטיקט).

זינאַ. (בלייבט שטעהן ביים פענסטער, קוים זי צו בעמערקען אין דער פינסטערניש. נאָר וואָס איהר שלוכצען לאָזט זיך הערען, פון אנפאַנג שטיל, דערנאָך העכער, ביז זי ברעכט אַרויס מיט אַ פערצווייפעלט הויך געוויין). לעבען ! לעבען ! לעבען ! . . .

פאָרהאַנג.

*) לויט דער זעלבער מעלאָדיע.

מ. פּאַוולאָוויטש

דער דייטשער מיליטאַריזם און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

(וועגען די פּאַסירונגען אין צאַבערן און דעם קרופּ פּראָצעס)

1.

דער דייטשער מיליטאַריזם.

גרויס איז געווען דער רושם, וואָס די אויפדעקונגען וועגען דער קאַנאָנען־פירמע „קרופּ" האָבען געמאַכט אויף גאַנץ דייטשלאַנד. מען האָט אויפגעדעקט די גאַנצע געשעפטמאַכעריי, וואָס שטעקט הינטער דעם מאָדערנעם מיליטאַריזם, עס איז קלאָר געוואָרען דער אמת'ער זין פון די ווערטער: „פּאַטריאָטיזם", „פאַטערלאַנד" א. ז. וו. און דער רושם איז נאָך ניט אבגעבלייבט געוואָרען, ווי עס האָט ארויסגעפּלאַצט א נייער סקאַנדאַל, דער „צאַבערן־סקאַנדאַל", וואָס האָט ווידער אַמאָל געצוואונגען טויזענדער דייטשע בירגער זיך פערטראַכטען וועגען די הייליגע ווערטער: „אַרמיי", „די עהרע פון מונדיר"...

אָט די ביידע געשעהעניסען — די סענסאַציאָנעלע אויפדעקונגען פון ליעבקנעכטען און די מעשה־צאַבערן — זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דאָס מאָדערנע דייטשלאַנד; ביידע צוזאַמען אילוסטרירען אויסגעצייכענט די ווילדע חיה־נאַטור פון דעם „פּאַטריאָטיזם", וואָס טרייבט דאָס אן די אויסערליכע און איינערליכע פּאָליטיק פון דייטשלאַנדס געקרוינטע און ניט־געקרוינטע הערשער — די פּאָליטיק, פון וועלכער זיי ריידען מיט פערגלאָצטע אויגען.

ליעבקנעכט האָט מיט זיינע אויפדעקונגען געעפענט די אויגען פון מיליאָנען מענשען אין דייטשלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבען ביז אהער קיין בעגריף ניט געהאַט וועגען דעם עקאָנאָמישען און סאָציאַלען אונטערשלאַג פון מאָדערנעם אימפּעריאַליזמוס; ער האָט ארויסגעשטעלט אין ליכט די רעזשיסערען, וועלכע שטעהען הינטער די קוליסען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און לאָזען דאָס אויפשפּיעלען אויף דער אָפענער ביהנע די אַלע „הויך פּאַטריאָטישע" געשעהעניסען. ליעבקנעכט האָט געגעבען א מעגליכקייט דעם זייטיגען צושויער אריינצוקוקען אין דער הינטער־קוליסען — און אונטעראירדישע טהעטיגקייט פון די שטאַהל־קעניגע און פינאַנץ־באַראָנען, וועלכע העצען און שאַפען סכסוכים צווישען די מלוכות מיט דעם איינציגען ציעל — צו בעקומען בעשטעלונגען אויף ביקסען, קאַנאָנען און ריעזיגע קריעגס־שיפען, — בעשטעלונגען, וואָס פערגרעסערען הונדערטפאַך די פּראָפיטען פון די שטאַהל־קעניגע. דער צאַבערן־סקאַנדאַל, ווידער, האָט אויפגעדעקט אן אנדער זייט פון דעם מיליטאַריזם; ער האָט פאַר אונז ארויסגעשטעלט דעם ריכטיגען דייטשען מיליטערמאַן — דעם שטאָלצען און ברוטאַלען אָפיציער, מיט זיין גלאַנץ און ווילדקייט, מיט זיין פּוסטער גאוה און גייסטיגען דלות; א פּופּע, וואָס דיענט אַלס בלינדער ווערקצייג אין די הענד פון די העכערע מאַכטהאָבער, כדי דורכצופיהרען די „גרויסע היסטאָרישע מיסיאָן", וואָס גאָט דער האַר האָט אָנגעצייכענט פאַר זיין געליעבטען פּרייסען".

2.

מעשה־צאַבערן.

די געשיכטע, וואָס האָט זיך פערלאָפען אין צאַבערן, איז זעהר אן איינפאַכע.

פּיעלע געדענקען נאָך דעם פּראָצעס פון דייטשען ליטענאַנט ווילזע, וועלכער איז אין 1903 גע'משפט געוואָרען פאַר זיין ראָמאַן: „פון א קליינער גאַרניזאָן". דער ראָמאַן האָט אָנגעמאַכט א טומעל אין גאַנץ אייראָפּא און איז איבערזעצט געוואָרען אין פּיעלע שפּראַכען. ער בעשרייבט דאָס לעבען פון א דייטשער גאַרניזאָן אין א קליין שטעדטעלע פאַרבאַך. דאָס שטעדטעלע געפינט זיך אין דיזעלבע פּראָווינצען, וואו צאַבערן, — אין עלזאַס־לאָטהערינגען, וואָס זיינען מיט איינגע צעהנדליג יאָהר צוריק, אָבגעריסען געוואָרען פון פראַנקרייך. ווילזע איז בעשולדיגט געוואָרען אין בעליידיגען דעם כבוד פון די העכערע מיליטערישע בעאַמטע און אין ארויסברייינגען א שם רע אויף זיינע חברים — אָפיציערען. זיין פערטיידיגונג איז געווען, אז ער האָט געוואָלט שילדערען די אונגאָרמאַלע לאַגע אין די גאַרניזאָנען, וואָס שטעהען ביים גרענעץ. צייגען די טונקעלע זייטען פון זייער לעבען, כדי צוצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט און רעגיערונג און אויף אזא אופן העלפען אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס

אין דער ארמיי. און כאטש די פאקטען, וואס זיינען אין ראמאן בעשריעבען, האבען זיך ארויסגעשטעלט אלס אמת, האט דאך דער קריעגס־געריכט פון מעץ פעראורטהיילט דעם ארימען ווילזע אויסגעשלאסען צו ווערען פון דער ארמיי און צו 6 מאנאטען געפענגנים. די נייעסטע געשעהעניסען אין צאבערן בעווייזען, אז די לאגע האט זיך אויף א האט ניט געענדערט.

צאבערן איז א קליין עלזאסער שטעדטעל, מיט א בעפעלקערונג פון 10 טויזענד נפשות. ליגט צו פוסענס פון די וואגעזען־בערג. די איינוואוינער זיינען בשום אופן ניט רעוואלוציאנער געשטימט. דאס איז פיעלייכט דאס שטילסטע און פריעדליכסטע שטעדטעל אין עלזאס. דער ערשטער דעפוטאט פון צאבערן אין רייכסטאג איז געוועזן א מיטגליעד פון דער אונאבהענגיגער קאנסערוואטיווער פארטיי, באראן צארן דע בולאך. ניט קוקענדיג אויף זיין עלזאסער אבשטאמונג, איז ער געוועזן דורכגעדרונגען מיט׳ן דייטשען גייסט און איז געוועזן א שטארקער אנהענגער פון איניגסטער פריינדשאפט מיט דייטשלאנד. דער צווייטער דעפוטאט איז געוועזן דאקטאר עפפעל, א פערזענליכער פריינד פון קייזער. דער דריטער, וועלכער פערטרעט נאך איצט אויך צאבערן אין רייכסטאג, איז רעזער. ער טיילט זיך שארף אויס. פון זיינע עלזאסער קאלעגען און פיהרט גוט־חבר׳שאפט מיט די פארשטעהער פון אלט־פרייסען. ער טרינקט זיין ביער און רויכערט זיין „פייפע“ צוזאמען מיט זיי, און שטימט מיט זיי ביי אלע געלעגענהייטען און וואס עס זאל ניט פאסירען. און דאס שטעדטעלע, וואס שיקט אזעלכע טרייע אונטערטהאנען אין רייכסטאג, האט פלוצלונג זיך צובונטעוועט און אויפגערודערט גאנץ דייטשלאנד. פריעדליכע איינוואוינער האבען מוטיג געקוקט אין די אפענע מיילער פון די ביקסען, וואס מען האט געצילעוועט געגען זיי. זשורנאליסטען האבען זיך ניט געשראקען פאר פראצעסען און ציווילע בעאמטע, וועלכע האלטען געוועהנליך אין איין ציטערן פאר זייער קאריערע, האבען דאס מאל מיט קוראזש זיך געשטעלט געגען די מיליטערישע בעאמטע. וואס איז דא געשעהן ? א פערווארפען שטעדטעל גיט דעם סיגנאל צו א גרויסער שלאכט ! ווירקליך, די געשיכטע האט זיך איהרע אייגענע וועגען און האלט אימער פאר אונז אנגעגרייט פערשיעדענע איבערראשונגען.

ענדע נאוועמבער, 1913, האט זיך אין שטעדטעל פערשפרייט א קלאנג, אז לייטענאנט פארסטנער פון 99סטען פאלק, וואס שטעהט אין צאבערן, האט אנגערופען די עלזאסער רעקרוטען מיט דעם דייטשען זידעל־נאמען „וואקעס“, וואס דאס בעדייט: טויגעניכטסען, הוליגאנעס, טרעמפס. דערביי האט ער יעדען אונטעראפיציער, וואס וועט ענטפערען מיט׳ן שווערד אויף א בעליידיגונג פון אן עלזאסער, פערשפראכען א בעלוינונג פון צעהן מארק. די דאזיגע ווערטער פון לייטענאנט פארסטנער האבען שטארק אויפגעבראכט די צאבערנער איינוואוינער. פארסטנער האט זיך געשטיצט אויף דעם ביישפיעל פון די העכערע מיליטערישע בעאמטע און זיינע חברים־אפיציערען, וועלכע האבען אלע אנגעפיהרט א העצע געגען די עלזאסער. אין קליינעם שטילען שטעדטעלע האבען זיך אנגעהויבען אזעלכע דעמאנסטראציאנען געגען פרייסישען מיליטאריזם, וואס האבען תיכף געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט. און אט בעת אזא דעמאנסטראציע האט דער העלדישער אפיציער פארסטנער זיך געשטעלט אין שפיץ פון אן אבטיילונג סאלדאטען און איז בעפאלען די פערזאמעלטע גאסען־אינגלאך, און פאר איין וועג ארעסטירט 30 אונשולדיגע פארבייגעהער, דעם פראקוראר און עטליכע ציווילע בעאמטע אויך צווישען זיי.

די שנאה פון דער בעפעלקערונג האט אזוי אויפגעפלאקערט, אז די אפיציערען האבען מורא געהאט צו ווייזען זיך אין גאס אהן א בעגלייטונג ; ביי די טהירען פון די רעסטאראנען, וואו זיי האבען געפריהשטיקט, פלעגט זיין אויסגעשטעלט א פאטרול מיט געלאדענע ביקסען. אמת, עס האט געקאנט זיין נאך ערגער. אנדערשוואו, ווי אין רוסלאנד צ. ב. ש. וואלט מען זיך אהן מענשען־אפפער, אהן צעהנדליגע פערוואונדעטע און געטויטעטע, ניט בעגאנגען, עס וואלט געמוזט קומען צו א שיעסעריי. דאך זיינען די הארמאטען געשטאנען גרייט מיט אפענע מיילער, און דער איינדרוק, וואס דיעזער קאנפליקט צווישען דער בירגערליכער בעפעלקערונג און דער מיליטערישער האט געמאכט אויף גאנץ דייטשלאנד, איז געוועזן געוואלדיג. דער סכסוך איז ניט נור צווישען פאלק און ארמיי, נור אויך צווישען דער ארמיי און דער ציווילער מאכט. די ציווילע בעאמטע האבען אין זייערע מיטטהיילונגען אוועקגעשטעלט די מיליטערישע העלדען אין א זעהר אונגינסטיגער בעלייכטונג. אפילו די קאנסערוואטיווע, אפילו די דייטשע שטעדטעלשע בעלי־בתים, פאר וועלכע עס עקזיסטירען איבערהויפט ניט קיינע געזעלשאפטליכע פראגען, האבען דאס מאל פערלארען זייער גלייכגעוויכט. און עס איז געשעהן א וואונדערליכע זאך, וואס האט ניט זיין גלייכען אין דער געשיכטע פון דייטשען רייכסטאג. א מעהרהייט פון 293 געגען 53 האט אויסגעדריקט א פראטעסט געגען דעם רייכסקאנצלער, הלמאי ער האט ניט גענוג שטרענג אויסגערעדט די עלזאסער אפיציערען.

אלס רעזולטאט דערפון, איז לייטענאנט

פּאָרסטנער, געשטעלט געוואָרען צום געריכט און איז פעראורטיילט געוואָרען צו אַנדערהאַלב־בען מאָנאַט געפענגנים. און דעם 23טען דע־צעמבער האָט זיך אין שטראַסבורגער קריעגס־געריכט אָנגעפאַנגען אַ נייער פּראָצעס פון פּאָל־קאָווניק פאָן רייטער, וועלכען די עלזאַסער האַלטען פאַר'ן הויפּטשולדיגען. ער האָט דאָס געגעבען דעם בעפעהל — אַבצורייניגען די גאַ־סען דורך סאָלדאַטען, צו פערשפּאַרען פּיעלע צאַבערנער איינוואוינער אין קוילען־קעלערס ביי די קאַזאַרמען. דער רעגיערונגס־בעאַמטער גראָסמאַן האָט אויפ'ן געריכט ערקלערט: ריי־טער האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: „א י ך וועל זיין איבערגליקליך, ווען בלוט וועט פערגאָסען ווערען".

רייטער האָט מען פריינעשפּראָכען. אָבער כאַראַקטעריסטישער פון אַלץ אין דיעזער גע־שיכטע איז די טעלעגראַמע פון דייטשען קרוינ־פּרינץ צום אַנגעקלאַגטען פּאָלקאָווניק רייטער. ער בעגריסט איהם און דאַנקט איהם פאַר זיין מוטיגע און שטאָלצע האַלטונג. ווען עס האָט זיך נאָך געפּאָדערט אַ שטראַהל ליכט, וואָס זאָל קלאָר מאַכען די גאַנצע לאַגע, איז דאָס געווען די טעלעגראַמע פון קרוינפּרינץ. דער אונוויכ־טיגער לייטענאַנט פאָרסטנער און זיין שעף רייטער זיינען דאָס דערפאַר געוואָרען אַזעלכע העלדען, ווייל זיי האָבען געפּיהלט די מעכטיגע האַנד, וואָס שיצט זיי. דער קרוינפּרינץ אַליין איז דער הויפּט פון דער זעלבסטהערשערישער מיליטערישער קליק, ער שטעהט אין שפּיץ פון יונקערשען בונט געגען דער בעפעלקערונג, ער וועט דאָס פיהרען זיין טרייע אַרמיי אין קאַמפּף געגען די פיינד פון אימפּעריע און אָרדנונג. אויב אַזוי, וואָס דאַרף מען נאָך פיעל צערעמאָ־ניעס? קען מען אַנשטעלען קאַנאָנען געגען אַלטע לייט און עופּה'לאַך, קאָן מען אַרעסטירען רעכטס און לינקס, קאָן מען אַריינוואַרפען אין געפענגנים אפילו דעם רעגיערונגס־פּראָקוראָר און אַנדערע ציווילע בעאַמטע.

3.

דער קרופּ־פּראָצעס און ווילהעלם דער צווייטער.

די מעשה צאַבערן איז, ווי מיר האָבען גע־זעהן, זעהר איינפאַך. פערקעהרט, די קרופּ־אַפערע איז שוין גאָר ניט איינפאַך און זי איז פון אונגעהייער גרעסערער וויכטיגקייט. דער קרופּ־סקאַנדאַל איז אַ פאַקט פון גראַנדיעזער, היסטאָרישער בעדייטונג. אַ פאָרשער, וועלכער וויל אונטערזוכען דעם עצם פון היינטיגען אימ־פּעריאַליזם, די היינטיגע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, קאָן איהם בשום אופן ניט פאַרביי־געהן. ליעבקנעכט האָט מיט זיינע אויפדעקונ־גען געעפענט די קאַרטען פון די קריעגס־פּאַט־ריאָטען. מיליאָנען האָבען קלאָר דערזעהן די שפּרוזשינעס, וואָס טרייבען אָן די פּאָליטיק פון בעוואָפנונגען. די סאָציאַליסטען האָבען פון היינט אָן און ווייטער אַ מעכטיגען אַרגו־מענט געגען די אימפּעריאַליסטען, וועלכע האָ־בען געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז מען מוז אַלץ פערגרעסערן די אַרמיי און די פלאָטע, ווייל דעם פאַטערלאַנד סטראַשעט, כלומרשט, אַ שטענדיגע געפאַהר פון אויסערן שונא. דאָס איז דער וואולגאַרער עקאָנאָמישער מאַטעריאַ־ליזם פון די בורזשואַזע געלעהרטע. זיי האָבען געוואָלט פערענטפערן דעם אימפּעריאַליזם, די היינטיגע אויסערליכע פּאָליטיק, מיט עקאָנאָמי־שע אורזאַכען. ההיינו: מען מוז בעשיצען די אינטערעסען פון אַ ל ע צווייגען פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע; מען מוז עראָבערן נייע מערק אום צו פערגרעסערן דעם אבזאַץ פון אַ ל ע נאַציאָנאַלע סחורות. דיזער סאָרט פּראָ־פּאַגאַנדאַ, וועלכער עס האָבען, נאָך אונזער מיי־נונג, פיעל מיטגעהאָלפען, אמת אונבעוואוסט פאַר זיך אַליין, אייניגע סאָציאַליסטען און פיעלע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען, דיעזער סאָרט פּראָפּאַגאַנדאַ, זאָגען מיר, האָט בעקומען אַ שטאַרקען קלאַפּ. עס איז קלאָר געוואָרען, אַז אין דער אויסערליכער פּאָליטיק פון די מאָ־דערנע מלוכות שפּיעלט די הויפּט־ראָלע די מע־טאַל־אינדוסטריע. די פיהרער פון דיעזער אינ־דוסטריע דיקטירען זייער ווילען צו די קעניגע, פּרעזידענטען און זייערע דיפּלאָמאַטען, וועלכע זיינען אָפט גאַנץ גלייכגילטיג צו די פאָדערונ־גען פון די פאָרשטעהער פון אַנדערע אינ־דוסטריען. בלויז אין די אינטערעסען פון דער מעטאַל־אינדוסטריע און דער וואַפען אינ־דוסטריע, וואָס איז מיט איהר פערבונדען, ווע־רען געשאַפען און פונאַנדערגעבלאָזען די אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, ווערען פערשאַרפט די בעציהונגען צווישען לענדער, וועלכע האָבען גאָר קיין אורזאַכען ניט צו בעטראַכטען איינס דאָס אַנדערע פאַר שונאים. און די שטיצע, וואָס די פאָרשטעהער פון אַנדערע אינדוסטריען גיבען אָפט די מעטאַל־פאַבריקאַנטען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פערגרעסערן די בעוואָפ־נונגען, גיבען זיי דאָס ניט צוליעב די דירעקטע אינטערעסען פון זייערע געשעפטען — ניט צו־ליעב דעם, אַז נייע אויסערע מערק זאָלען עראָ־בערט ווערען און זייערע צוקער־, בוימוואָל־ און נאַפט־פּראָדוקטען זאָלען געפינען אַ גרעסערן און אַ ברייטערן אבזאַץ. ניין, די שטיצע, וואָס זיי גיבען, גיבען זיי צוליעב זייערע אַלגעמיינע קלאַסען־אינטערעסען. דאָס פאָדערט פון זיי זייער לאַגע אין היינטיגען קלאַסען־שטאַאַט, דער כאַראַקטער פון די אינערליכע סאָציאַלע פער־העלטניסע, דער וואַקסענדער פּראָלעטאַריאַט, דער פערשאַרפטער קלאַסען־קאַמפּף. זיי נויט־

טיגען זיך דעריבער, פון איין זייט, אין א פערשטארקטער ארמיי צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָנס־הידרע; פון דער אנדער זייט, נויטיגען זיי זיך אין דער פריינדשאפט און גוט־ברודערשאפט פון דער מיליטערישער קליק, זי זאָל זיין נאכגיעביג און טהאָן טובות, ווען מען בעדארף. דארום שטיצט די בורזשואזיע די מיליטערישע קליק אין די פראגען פון ארמיי און פלאָט, מעג זי זיין, די בורזשואזיע, ווי „ליבעראל“ און ווי „ראדיקאל“.

ליעבקנעכטס בעשולדיגונגען בעשטעהען אין צוויי פאָלגענדע פונקטען: ער האָט בעוויזען, אז די „דייטשע מוניציאָן און וואפען־פאבריק“*) האָט זיך געווענדעט צו איהר אגענט אין פאריז מיט אן אויפטראג, ער זאָל זעהן, אז אין א פראנצויזישער צייטונג — אם בעסטען וואָלט געווען אין „פיגאראָ“, וואָס ווערט געלעזען פון איינפלוסרייכע קרייזען — זאָל געדרוקט ווערן אן ארטיקל וועגען דער פראנצויזישע ארמיי, און אין דעם ארטיקעל זאָל ארייגעשמוגעלט ווערן א מיטטיילונג, אז די פראנצויזישע רעגיערונג געהט פערגרעסערן די צאהל מיטראליעזען (קוילען־ווארפערס) אין אלע ארמיי־אבטיילונגען — דאָפּעלט אזוי פיעל, וויפיעל עס איז אנגעגעבען אין דעם קריעגס־בודזשעט. דער מיין דערביי איז געווען צו ווארפען א שרעק אויף די דייטשע מיליטערישע קרייזען און דערמיט צווינגען די דייטשע רעגיערונג זיך אונטעראיילען מיט איהרע בעשטעלונגען — מיט דער דורכפיהרונג פון איהר פערגרעסערטען קריעגס־בודזשעט. ווייטער האָט ליעבקנעכט אויפגעדעקט, אז די פירמע „קרופ“ האלט אויך אין בערלין אגענטען, וועלכע געפינען זיך אין שטענדיגע בעציהונגען מיט די בעאמטע פון קריעגס מיניסטריום און קריעגען אויף אזא אופן ארויס סעקרעטנע ידיעות, וועלכע די פירמע נוצט אויס פאר איהר טובה וועגען. די פירמע קרופ איז אלזאָ א קליינע מלוכה, א מלוכה אין א מלוכה, וואָס האָט פערשפרייט א שפּיאָנען־נעץ אין דעם גענעראל־שטאב פון דער גרויסער מלוכה. און די „רעגיערונג“ פון דיעזער מלוכה ווערט בעזונדערס שטארק פראטעזשירט פון די אָפיציעלע דייטשע קרייזען. פון דער אנדער זייט איז אויך בעוואוסט, אז צווישען די אקציאָנערען און באנדס־האלטער פון די קרופ־פאבריקען געפינען זיך מיטגליעדער פון פיעלע געקרוינטע פאמיליען אין דייטשלאנד. און עס איז אויך קיין סוד ניט, אז דעם קייזער אליין זיינען זעהר נאָהענט די אינטערעסען פון אלע מיטגליעדער פון קרופ'ס „דינאסטיע“. ווען אין 1902 האָט דער הויפט פון דער פירמע, פריעדריך קרופ, געמאכט א סוף צו זיין לעבען, צוליעב א שענדליכען סקאנדאל, האָט דער דייטשער קייזער זיך אָנגענומען פאר די געקריוודעטע עהרע פון דעם פערשטאָרבענעם אונטערנעהמער און האָט זיך אפילו ארייגעלאָזען אין א פּאָלעמיק מיט די סאָציאליסטישע צייטונגען.

און זאָל מען אונז ניט דערצעהלען: דאָס האָבען די סאָציאליסטען אויסגעקלערט, אז ווילהעלם איז דירעקט פעראינטערעסירט, די פירמע קרופ זאָל וואקסען און בליהען . . . נאָך איידער שטיקלער און ליעבקנעכט זיינען ארויסגעטרעטען מיט זייערע אויפדעקונגען, האָט שוין וועגען דעם גערעדט אן אנדער אנגעזעהענער דייטשער בירגער. און דאָ מוזען מיר בעמערקען, אז שטיקלער און ליעבקנעכט האָבען ניט ריזיקירט אָפען צו בעשולדיגען דעם געקרוינטען הערשער פון דייטשען פאָלק, דערצו האָט זיי געפעהלט דירעקטע בעווייזע. יענער, דער אנדערער, וועט געפינען מעהר חן אין די אויגען פון אלע פריעדליכע בירגער פון אלע לענדער. ער איז חלילה ניט קיין סאָציאליסט. מיר מיינען דא דעם בעריהמטען דייטשען פאבריקאנט, דעם מעטאל־קעניג, דעם מעכטיגען אייגענטימער פון די קוילען־גריבער פון רורער פראָווינץ, א ו י ג ו ס ט ט י ס ע ן, וועלכער בעשעפטיגט אין זיינע מינען און אויף זיינע פיער גראנדיעזע פאבריקען ביז 30 טויזענד מענשען.

אויגוסט טיסען האָט שוין מיט איניגע יאָהר צוריק געגעבען אָנצוהערעניש — אמת, אין זעהר פאָרזיכטיגע אויסדריקע — וועגען דער מאטעריעלער זייט פון די בעציהונגען צווישען קייזער ווילהעלם און דער פירמע קרופ. אין 1907 האָט דער בעקאנטער פראנצויזישער פובליציסט זשול אורע אויף זיין רייזע איבער דייטשלאנד געמאכט א בעזוך ביי אויגוסט טיסען. זיי האָבען זיך צורעדט וועגען דער מעגליכקייט פון א דייטש־פראנצויזישען סכסוך און דער פראנצויז האָט זיך דערביי בערופען אויף די בעקאנטע רייזע פון ווילהעלם אין טאנזשיר, מאראקא, וואָס ער האָט אונטערנומען צו להכעיס די פראנצויזען, און אויף דעם קייזערס קריעגערישע ריידען, וועלכע רופען יעדעס מאָל ארויס אזא טומעל אין פראנקרייך. דער דייטשער פאבריקאנט, א קאָנסערוואטאָר און א גלויביגער קאטאָליק, האָט דערויף געענטפערט:

„איך פערשטעה אייך. אָבער איך פערזיכער אייך, אז איהר שרייבט צו צופיעל בעדיי־

*) די פירמע „דייטשע מוניציאָן און וואַפען־פאַבריק“, וועלכע האָט בעקומען אַזאַ שם דורך ליעבקנעכטס אויפדעקונגען, איז אַ מין טראָסט, וואָס פעראייניגט אַ רייהע קאָמפּאַניעס. זי איז פערבונדען מיט די בעריהמטע מויזער־פאַבריקען, מיט די מעטאַל־פאַבריקען אין דירען (דייטשלאַנד), מיט דער „נאַציאָנאַלער וואַפען־פאַבריק אין ערסטאַל“ (בעלגיען) און ענדליך מיט דער אויבען־אויף גאָר פריעדליכער קאָמפּאַניע „די פראַנצויזישע געזעלשאַפט צו פּראָדוצירען ביליארד־קוילען“ (פּאַריז).

טונג אַט דיעזע אַלע פּלאַפּלערייען. ביי אונז
שענקט זיי קיינער קיין אויפמערקזאַמקייט ניט.
אַלעמען האָט שוין דערגעסען אַט די פּראַזעאָלאָ־
גיע, וועלכע וואָלט געגוג געווען אָנצופּייערן צו
שלאַכט 10 אַרמייען. אין דער אמת׳ן אָבער
האָט דאָס נור איין צוועק: ווירקען אויפ׳ן
רייכסטאַג, ער זאָל בעוויליגען אַ קרעדיט
אויף נייע בעשטעלונגען ביי דער פירמע קרופּ".

פון טיסענס ווערטער איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז
דער גאַנץ געזאַלבטער הערשער שיעסט מיט
פייערדיגע ריידען, טראָגט אַריין אונרוה אין די
הערצער פון זיינע אונטערטהאַנען, זעצט אַרונ־
טער דעם קורס פון די ווערטה־פּאַפּירען און
אַלץ צוליעב דעם, צו הויבען די דיווידענדען,
אין וועלכע ער איז פּעראינטערעסירט. נאָך
מעהר! טיסען האָט אויספיהרליך און גרינד־
ליך בעוויזען דעם פראַנצויזישען פּובליציסט,
אַז אין דייטשלאַנד עקזיסטירען נאָך אַנדערע
וואַפען־פאַבריקען, וואָס פּראָדוצירען פיעל בע־
סערע קאַנאָנען, איידער קרופּ, ווי למשל ער־
האַרד׳ס פאַבריקען, אָבער ביי זיי
מאַכט מען קיינע בעשטע־
לונגען ניט, ווייל די רעגיערונג
איז ניט פּעראינטערעסירט אין די דיווידענדען
פון די פאַבריקען.

זשול אורע׳ס ווערק: „רהיין און וועסט־
פאַליען" (פּאַריז, 1907) האָט צו יענער צייט
אַרויסגערופען פיעל אויפזעהן אין פראַנק־
רייך. לאַנגע אויסציגע פון אַט דעם ווערק
זיינען געדרוקט געווען אין פיעלע דייטשע
צייטונגען פון הויפטשטאָדט און פּראָווינץ.
דאָך האָט טיסען קיינמאָל
ניט צוריקגעצויגען זיינע
ווערטער. און אַגב ווער עס איז
בעקאַנט מיט זשול אורע׳ס שריפטשטעלע־
רישער טהעטיגקייט, ביי דעם וועט גאָר קיין
ספק ניט זיין, אַז זשול אורע וועט קיינמאָל ניט
אַריינלייגען אימיצען אין מויל ווערטער, וואָס
יענער האָט ניט גערעדט. וויכטיג איז נאָך
דערביי, אַז זיין געשפּרעך מיט טיסענ׳ען האָט
אורע פּערעפענטליכט אין „פיגאַראָ" נאָך איי־
דער ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין בוך.

און עס גלויבט זיך קוים, צי האָט זשול
אורע גאָר פערשטאַנען די פולע בעדייטונג פון
די ווערטער, וועלכע ער ציטירט; צי האָט ער
איינגעזעהן, וואָס פאַר אַ שיין זיי וואַרפען אויף
דער היינטיגער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.
ער האָט דאָך ממש אָנגעטאַפּט מיט די פינגער
איהרע געהיימע שפּרונזשינעס. פּונקט אַזוי האָ־
בען שטיקלער און ליעבקנעכט קוים אָבגעשעצט
די ריכטיגע בעדייטונג פון זייערע אייגענע
אויפדעקונגען: זיי האָבען אויפגעדעקט, אַז
דעם שליעסעל פון אַלע אויסערליכע בעציהונגען
צווישען די מלוכות מוזען מיר זוכען אין דער
מעטאַל־אינדוסטריע.

אַזוי צו אַזוי, עס איז פאַר אַלעמען קלאָר,
וועמען עס האָבען געטראָפען ליעבקנעכטס
אויפדעקונגען: דער צאַבערן־סקאַנדאַל האָט
געשלאָגען איבער די קעפּ און אָוועקגעשטעלט
פאַר׳ן עפענטליכען געריכט פון גאַנץ דייטש־
לאַנד ניט בלויז די פיצע־מאַנציגקע פאַרשטע־
הער פון פּרייסישען מיליטאַריזם, אַן אָפיציערל
פאַרסטנער און פאַלקאָווניק רייטער, נור טאַקע
די אמת׳ע העכט, און פריהער פון אַלעמען
דעם קרוינפּרינץ, דעם קינפטיגען דייטשען קיי־
זער. און ליעבקנעכט׳ס אויפדעקונגען האָבען
פון אַנפאַנג אָן געציעלט און געטראָפען אין
מענשען, וואָס פערנעהמען אַ סך העכערע
פּאָסטענס, ווי די 5 ביז 7 אונבעדייטענדע אינ־
טענדאַנטען־בעאַמטע, אונטער־אָפיציערען און
לייטענאַנטען, קליינע מענשעלאַך מיט קליינע
געהאַלטען, מענשען אָהן נעמען און אָהן פּאָזי־
ציאָנען. אַט די מענשעלאַך האָט מען געוואָלט
מאַכען פאַר׳ן שעיר לעזאזל. דאָס האָט זיך
אָבער ניט איינגעגעבען: דאָס גאַנצע לאַנד
האָט געזעהן און געוואוסט, ווער עס זיינען די
הויפּט־שולדיגע.

די פירמע קרופּ, וועלכע איז אַזוי נאָהענט
דעם קייזערס הארץ און קעשענע, האָט גאָר
אָהן בושה זיך פערנומען מיט אונטערקויפען די
אַנגעשטעלטע פון קריעגס־ און פלאָטען־מי־
ניסטעריום, כדי אַרויסצוקריגען פון זיי געהיי־
מע דאָקומענטען און רעגיערונגס־סעקרעטען.
אויף אַזאַ אופן פלעגט די
פירמע זיך דערוויסען פון
די בעדינגונגען, וואָס איה־
רע קאָנקורענטען שלאָגען
פּאָר. איהר אַבטיילונג אין בערלין איז פאַקּ־
טיש געווען אַ שפּיאָנען ביוראָ אויסצושפּירען
די פּלענער פון קריעגס־מיניסטעריום. עסען,
וואו די פירמע־פערוואַלטונג געפינט זיך, און
בערלין, די רעזידענץ פון קריעגס־מיניסטעריום,
זיינען געווען ווי צוויי פיינדליכע לאַגערן. אַ
סעקרעטנע שפּיאָנען־קאָרעספּאָנדענץ איז גע־
פלויגען פון דאַנעט אַהין — מיטטיילונגען וועג־
גען דער שטימונג און וועגען די פּלענער פון
קריעגס מיניסטעריום, און דאַן קאָפּיעס פון
אַרויסגעגנב׳עטע חשבונות, קאָנסטרוקציעס
און סכעמען, וואָס אילוסטרירען די מיטיילונ־
גען.

און דאָס אַלץ פלעגט געטהאָן ווערן רעגו־
לער, פּינקטליך און די הויפּטזאַך —
זעהר ביליג. די בעאַמטע און אָפיציע־
רען, וועלכע פלעגען אַרויסגעבען פאַר די קרופּ־
פערוואַלטער די סעקרעטען און בריינגען צו זיי
אַהיים אינטענדאַנטען ביכער, האָבען זיך בע־
נוגענט מיט אַ לעבעהליכען געצאַהלט — פּשוט
מיט גראָשענס. זיי פלעגען נעהמען 10 און
20 מאַרק, אָדער פלעגען זיך גאָר צופריעדענ־
שטעלען מיט אַ מאַהלצייט, צי מיט אַ טעאַטער־

בילעט. אַן אונטער־אָפיציער פלעגט נאָך דאַנקען ווען ער פלעגט בעקומען אַ פינף מאַרק שטיק — אַ דאָלאַר און אַ קוואָדער אַן ערך. עס פלעגט אויך טרעפען, אַז דער אָדער יענער מיניסטעריום־אנגעשטעלטער פלעגט אַריינקריגען גאַנצע 50 מאַרק, יאָ גאַנצע 50 מאַרק פון דעם פאָרשטעהער פון דער קאַנאָנען דינאַסטיע. אָט די קלעגליכע בעלוינונג פאַר דעם פעררעט איז געווען דער הויפּט־ארגומענט פון די אנגעקלאַגטע, זייער ענטשולדיגונג. דאָס האָט געדאַרפט דיענען פאַר א בעווייז פון זייער אונשולד.

„מיר האָבען ניט גענומען קיין שחד“, האָבען זיך די אנגעקלאַגטע פערענטפערט. „דאָס איז בלויז געווען אַן אונשולדיגער כיבוד. מיר האָבען געהאַלטען, אַז פאַר דער פירמע קרופּ זיינען ניטאָ קיין שטאַאַטס־געהיימניסע. די אינטערעסען פון קרופּ און פון שטאַאַט זיינען נאָך אונזער מיינונג געווען איינע און דיזעלבע. מיר האָבען געוואוסט, אַז דער קייזער אַליין שטעהט נאָהענט צו דער פירמע קרופּ, אַז דער קריעגס־מיניסטעריום פראַטעזשירט איהר, אַז זי בעקומט ספּעציעלע הנחות ביים אננעהמען קאָנטראַקטען און, ענדליך, אַז די אנגעשטעלטע פון דער פירמע נעכטיגען און טאָגען אין די קאַנצעלאַריעס פון קריעגסמיניסטעריום און זיי קענען זיך דערוויסען פון יעדען סעקרעט אָהן אונז אויך. וואָס איז דאָ געווען צו בעהאַלטען?“

די לאַגע איז געווען גאָר זאָנדערבאַר. די אנגעקלאַגטע, טרייע אונטערטהאַנען פון קייזער, פלעגען אויסשפּירען מיליטערישע סעקרעטען, אַרויס'גנב'ענען פערשיעדענע דאָקומענטען פון דייטשען גענעראַל־שטאַב און דערמיט אַליין האָבען זיי ווי ערפילט אַ חוב פאַר'ן פאַטערלאַנד, דערמיט האָבען זיי געדיענט דער מלוכה און פאַר דיעזען דיענסט האָבען זיי אויך בעקומען זייער בעלוינונג, אמת, זעהר אַ קליינע בעלוינונג, אָבער אויף מעהר האָבען די קליינע מענשעלאַך מיט קליינע השגות גאָר קיין פּרעטענזיעס ניט געהאַט. און טאַקע געה טרעף, וועמען האָבען זיי געדיענט די אָרימע העררען פון דייטשען קריעגס־מיניסטעריום: צי קרופּען, צי דעם פאַטערלאַנד — דעמזעלבען מעכטיגען פאַטערלאַנד, פון וועלכען די דייטשע פאַטריאָטען זינגען מיט אַזוי פיעל אבשיי:

דייטשלאַנד, דייטשלאַנד, איבער אַלעס...

.4

די פירמע קרופּ. דער נייער קריעגס־שטייער. דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

ווער און וואָס איז אַזוינס די פירמע קרופּ, וועלכע איז אַזוי איינפלוסרייך אין דייטשלאַנד, אַז פיעלע רעגיערונגס־בעאַמטע פערבייטען איהר מיט דעם פאַטערלאַנד און טהוען דאָס, וואָס איהרע אַגענטען הייסען זיי? אין דער אייראָפּעאישער און אויך אַמעריקאַנער פּרעסע איז אַזוי פיעל גערעדט געוואָרען וועגען דער מאַכט און רייכטום פון דער פירמע קרופּ, וועגען איהרע קוילען־גריבער, אייזען־מינען, גראַנדיעזע שטאָהל־פאַבריקען אין עסען און מאַגדעבורג און שיפּבוי־פאַבריק אין קיעל, אַז דאָ אויף דעם פּלאַץ איז שוין איבריג צו ריידען וועגען דעם. מען קען זאָגען אָהן איבערטרייבונג, דאָס די פירמע קרופּ האָט אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט און עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ אינדוסטריע־אנשטאַלט, וואָס זאָל זיך קענען גלייכען מיט איהר אין דעם. אָט איז שוין באַלד אַ יאָהרהונדערט ווי די פירמע שטעלט צו אַרטילעריע און אַנדערע געוועהר ניט בלויז פאַר די אַרמייען פון אַלע דייטשע מלוכות, נור אויך פון פיעלע אַנדערע. כינא, יאַפּאַן, די סאַוטה־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען, שפּאַניען, בעלגיען, האָלאַנד, שוועדען, טערקיי, די לענדער פון באַלקאַן און אַנדערע מאַכען יעהרליך בעשטעלונגען אויף הונדערטע מיליאָנען ביי דער פירמע קרופּ. ווער האָט דאָס ניט געהערט וועגען קרופּ'ס קאַנאָנען? אין קיין איינציגע גרויסע שלאַכט פון די לעצטע יאָהר צעהנדליגע איז מען זיך ניט בעגאַנגען אָהן קרופּ'ס מאָרדגעוועהר. די איינקינפטע פון קרופּ'ס פירמע זיינען אַזוי גרויס און וואַקסען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז אין יאָהר 1912 האָבען זיי אריבערגעשטיעגען די איינקינפטע פון יאָהר 1911 אויף גאַנצע 35 מיליאָנען מאַרק. די פירמע קרופּ בעשעפטיגט 70 טויזענד מאַן. אויפ'ן גאַנצען ערדקוגעל איז ניטאָ נאָך אַזאַ אינדוסטריע־אַנשטאַלט, וואָס זאָל בעשעפטיגען אַזוי פיעל איינזשענירען און אַרבייטער. דאָס אַליין גיט אַ בעגריף וועגען דער בעדייטונג פון קרופּ'ס וואַפען־פאַבריקען אין דער נאַציאָנאַלער און וועלט־ווירטשאַפט. די גאַנצע שטאָדט עסען, וואָס צעהלט 200 טויזענד נפשות און איז דער מיטעלפּונקט פון דער רהיין־וועסטפאַלישער מעטאַל־אינדוסטריע, געהערט צו דער קרופּ־דינאַסטיע. הינטער פרוי בערטאַ קרופּ, צו וועלכער די פירמע בעלאַנגט נאָמינעל, שטעהען די גרעסטע פינאַנץ־אינסטיטוטען פון דייטשלאַנד, וועלכע באַלעבאַטעווען איבער ביליאָנען. אין דער פערוואַלטונג זיצען די פאָרשטעהער פון אַלע גרעסטע דייטשע באַנקען. ווער וועט זיך פערמעסטען מיט אַזאַ ריעז?

אין זיין לויב־רעדע אין 1912, אויף דעם יום־טוב לכבוד דעם 100־יעהריגען יובילעאום פון דער פירמע קרופּ, האָט ווילהעלם אָנגעוויזען, אַז די געשיכטע פון דיעזער קאַנאָנען דינאַסטיע איז ענג פערבונדען מיט דער נייסטער

געשיכטע פון דייטשלאַנד, אז דעם נצחון פון די דייטשע אַרמייען אין די גרויסע מלחמות פון 1866, (מיט עסטרייך) און 1871 (מיט פראַנקרייך) האָט מען פיעל צו פערדאַנקען קרופּ'ס קאַנאָנען. אויף זיי איז בעפעסטיגט געוואָרען דאָס פעראייניגטע דייטשלאַנד.

אָבער די געשיכטע פון דער קרופּ־אינ־דוסטריע איז ניט נור די געשיכטע פון מיליטע־רישען דייטשלאַנד, זי איז אויך די געשיכטע פון דעם מערקווירדיג שנעלען וואוקס פון מי־ליטאַריזם אין אַלגעמיין. אָנהויב 19טען יאָהר־הונדערט, ביי איהר גרינדונג, האָט די פירמע בעשעפטיגט סך הכל 6 אַרבייטער. אין 1845 בעשעפטיגט זי שוין 130 אַרבייטער, אין 40 יאָהר אַרום — 22טויזענד אַרבייטער, אין 1903 — 44 טויזענד און איצט אין 1913 — 70 טויזענד אַרבייטער. און דיעזע ריעזע פאָרט־שריטע האָט זי געמאַכט גראָדע בעת ניט נור אין דייטשלאַנד, נור אויך אין אַלע אַנדערע לענדער, ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד, עסטרייך, איטאַליען און ז. וו., זיינען געשאַפען געוואָרען קאָנקורירענדע קאַנאָנען־פירמען, און יענע האָ־בען זיך אַזוי שנעל ענטוויקעלט, אַז אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט האָבען זיי פערדאָ־פּעלט און פערדרייפאַכט זייערע געשעפטען, אָבער צו דער בעריהמטער פירמע קרופּ זיינען זיי אַלץ ניט געקומען. קרופּ בעהערשט דעם וועלט־מאַרק. היינט מיט וואָס פאַר אַ שנעל־קייט האָט זיך געדאַרפט ענטוויקלען דער מאָ־דערנער מיליטאַריזם צו שאַפען אַרבייט פאַר אָט דער וואַקסענדער מיליטער־אינדוסטריע, וועלכע וואָס פון יאָהר האָט זי פערנומען אַלץ מעהר הענד און וואָס פון יאָהר האָט זי אַלץ פערגרעסערט איהרע דיווידענדען?

ווי גרויס עס זיינען די איינקינפטע פון דער מיליטער אינדוסטריע איז צו זעהען דער־פון, וואָס דער פערזענליכער אייגענטום פון פרוי בערטא קרופּ פאָן באָלען־האַלבאַך ווערט אָבגעשעצט אין 356 מיליאָן פראַנק. דער נייער קריעגס־שטייער, וועלכער איז אין יאָהר 1913 אָנגענומען געוואָרען פון רייכסטאַג אויף דער פערשטאַרקונג פון דער אַרמיי און פלאָטע, וועט אויספאַלען אויף איהר חלק אין דער סומע פון 7.145.000 פראַנק, וועלכע זי וועט צום ערשטען מאָל מוזען אויסצאָהלען אין 1914. א חוץ בערטא קרופּ צעהלען זיך אַלס אַקציאָנע־רען פון קרופּ'ס פאַבריקען און אַלס מיטגליע־דער פון דער פערוואַלטונג נאָך פיעלע אַנדערע מיליאָנערען. אַזוי בעטרעפט דער פערמעגען פון דעם צווייטען הויפּט־אַקציאָנער און פער־וואַלטונגס־מיטגליעד פרינץ גווידא הענקעל פאָן דאָנערסמאַרק 319.500.000 פראַנק און צאָה־לען קריעגס־שטייער וועט ער אין יאָהר 1914 6.326.500 פראַנק. וואָס שייך דעם קייזער — דער שטילער הויפּט־אַקציאָנער — איז זיין פערזענליכער פערמעגען אויסגערעכענט געוואָ־רען אויף 175 מיליאָן פראַנק. יעהרליכען גע־האַלט בעקומט ער 27.500.000 פראַנק, אריינ־טראָגען אין דער קריעגס־קאַסע וועט ער 4.825.000 פראַנק. און סך הכל ווערען די 6 ערשטע מיליאָנערען פון דייטשלאַנד בעצאָהלען צוזאַמען קריעגס־שטייער 32.157.005 פראַנק. אַ גאַנץ נישקשה'דיגע סומע!

די הערשענדע קלאַסען מוזען אויף אַזאַ אופן אויסטראַגען אויף זייערע אייגענע פּליי־צעס די הוצאות פון דעם אַלץ וואַקסענדען מי־ליטאַריזם. דעם ערשטען ביישפּיעל האָט גע־געבען דייטשלאַנד — אַ דאַנק דעם, וואָס אויף דער געזעצגעבונג פון דיעזען לאַנד האָט אַ שטאַרקען איינפלוס די מעכטיגע און גוט אָר־גאַניזירטע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דער איינקונפט־שטייער איז אפשר ניט קיין מיטעל אין גאַנצען אָבצושטעלען אין אַ מעהר אָדער וויניגער נאָהענטער צוקונפט דעם וואוקס פון מיליטאַריזם און אָבצושאַפען דורכדעם די מאַכט פון די מיליטערישע קלאַסען. אָבער איינס קאָן מען זאָגען מיט זיכערהייט: וואָס פעסטער דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין אָרגאַניזירט, וואָס בעוואוסטזיניגער ער וועט אָנפיהרען זיין קלאַ־סען־קאַמפּף, אַלץ שווערער און שווערער וועט ווערען פאַר די העכערע קלאַסען אַרויפצוואַר־פען די שטייערן־לאַסט אויף די אַרבייטענדע־מאַסען. דורכדעם וועט די פּאַטריאָטיש־מילי־טאַריסטישע פּאָליטיק אַלץ מעהר און מעהר פערלירען אין די אויגען פון יענע קאַפּיטאַ־ליסטען, וועלכע ציהען ניט דירעקטע פּראָפי־טען פון בויען ריעזיגע קריעגסשיפען און גיסען קאַנאָנען. די רעדע פון דעם ענגלישען מי־ניסטער ללאָוד דזשאָרדזש, וואָס ער האָט ניט לאַנג געהאַלטען און וואָס האָט אַזוי ניט גע־שמעקט די פּאַטריאָטען פון גאָטס גנאַדען — וועגען אָבשטעלען די בעוואָפנונגען און וועגען אַ דערנעהענטערונג צווישען דייטשלאַנד און ענגלאַנד; די מורא פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע פאַר אַן איינקונפט־שטייער, וועל־כע איז ביז אַהער ניט איינגעפיהרט געוואָרען נור צוליעב דער דעזאָרגאַניזירטקייט פון פראַנ־צויזישען פּראָלעטאַריאַט, צוליעב די שטענדיגע שטרייטיגקייטען צווישען די סאָציאַליסטען און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען — דאָס אַלעס צייגט, מיט וואָס פאַר אַ וועג דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט דאַרף געהן ווען ער וויל קעמפּפען מיט ערפאָלג געגען דעם אימפּעריאַ־ליזם און מיליטאַריזם. דער וועג איז איהם אָנגעוויזען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע.

* * *

דער צאַבערן־ און דער קרופּ־סקאַנדאַל האָבען געהאַט זייער גוטע זייט; זיי האָבען

געוויזען, אַז דייטשלאַנד שטעהט ניט אויף איין אָרט. ווען אין פראַנקרייך האָט אויסגעבראָכען דער פאַנאַמאַ־סקאַנדאַל און שפּעטער די דרייפוס־אַפער, האָבען די פאַנגערמאַניסטען גאָר אנגעקוואָלען, וואָס זייערע שכנים, די פראַנצויזען, באַדען זיך אין זייער אייגענע שאַנד. דאַמאָלס האָט די דייטשע דעמאָקראַטיע גערעדט און געשריעבען: „אמת אין פראַנקרייך איז ניט אַלץ ווי געוואונשען. אָבער איהר האָט זיך ניט וואָס צו פרעהען! עס איז נור דאַ איין לאַנד, וואו עס קען פּאַסירען, אַז מעכטיגע פינאַנסיסטען, מיניסטאָרען, מיטגליעדער פון גענעראַל־שטאַב זאָלען אַוועקגעזעצט ווערען אויף דער בעשולדיגונגס־באַנק און זייער פּראָצעס זאָל פאָרקומען אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט. און דאָס לאַנד איז פראַנקרייך, — דאָס לאַנד וואָס געהט פאָראויס אַלע לענדער. אַזעלכע פּראָצעסען מעגען מיר, דייטשען, מקנא זיין! דער שפּיעז, וואָס שטעכט מיט איין שפּיץ, טראָגט אויף דעם אַנדערען שפּיץ די רפואה!"

איצט איז געקומען די צייט פאַר דייטשלאַנד. קיין מאַכט אין דייטשלאַנד — ניט דער קייזער, ניט דער קרוינפּרינץ, ניט דער הויף און ניט דאָס שטאָלצע יונקערטום — האָבען ניט געקענט אבשטעלען די צאַבערן־ און קרופּ־פּראָצעסען, וועלכע זיינען זיי אַזוי ניט געוועזן צום האַרצען. און דאָס איז דער בעסטער בעוויז, אַז דאָס אַלטע פעאָדאַלע דייטשלאַנד, דייטשלאַנד פון אַריסטאָקראַטישען אבסאָלוטיזם און מיליטערישער רעאַקציע, מוז אַלץ מעהר און מעהר אונטערגעבען זיך און אבטרעטען אונטערן דראַנג פון די נייע כוחות. טו לאָמיר זשע אויסרופען: לעבען זאָל דאָס נייע דייטשלאַנד!

מ. ל. האַלפּערן

* * *

זיי האָבען מיך קיינער ניט ליעב, ווייל איך זינג אַזוי טריעב.
וואָס האָב איך דען מעהר ווי מיין טרויער?
דער טרויער איז מיינער פון קינדהייט און איך האָב איהם ליעב.
מיר קינדער אין העמדלאַך צוריסענע, מאַגער און בלאַס,
מיר האָבען געטיילט מיט'ן שטיקעלע ברויט זיך אין גאַס,
אין גאַס — אין מיין וועלט אין דער גרויער.

געגאַנגען בין איך דורך דער פרעמד, דאַ אהין דאַ אהער,
דעם שטענדיגען גאָר־נישט אנטקעגען.
מיין טרויער — געטריי, ווי מיין אייגענער שאָטען, איז ער
געגאַנגען אינאיינעם מיט מיר פון אַ לאַנד צו אַ לאַנד;
מיר האָבען די ליעבע געזוכט און געפרעגט נאָכאַנאַנד —
אין גאַסען געפרעגט און אויף וועגען.

זיי האָבען מיך קיינער ניט ליעב. איך בין איינער אַליין.
בין ווייט פון מיין היים־לאַנד פערטריבען.
די איינציגע געסט — מיינע טרוימען, זיי קומען און געהן,
ווי פינסטערע וואָלקענס געטראָגען פון ציעל־לאָזען ווינד,
און אויכעט מיין בענקשאַפט איז בלינד, ווי די נאַכט אַזוי בלינד —
מיין טרויער נאָר איז מיר געבליבען.

און דונקעל אַזוי ווי דער ים איז מיין טרויער און טיעף.
מיין האָפנונג ווערט גרויער און גרויער.
אַ שיפער בין איך און איך בלאָנדזשע אַרום מיט מיין שיף.
איך האָב ניט קיין רודערס. איך זוך ניט קיין ברעג. איך בין מיעד —
וויעג, וויעג זיך מיין שיפעל — וואָס האָב איך דען מעהר ווי מיין ליעד —
וואָס האָב איך דען מעהר ווי מיין טרויער.—

ב. גאָרין

די געשיכטע פון אידישען טהעאטער

Copyright, 1914, by B. Gorin

דער אָנהויב פון דער אידישער דראמא

ווען די אידישע דראַמע האָט זיך אָנגעהויבען ביי פרומע אידען אויפ'ן שוהל־הויף. — די ערשטע דראַמאַטיזירונג פון אחשורש אין דעם נייִנטען יאָהרהונדערט. — די ערשטע שפּאַנישע דראַמע געשריעבען פון א אידען.—דער ערשטער פּאַרס געשריעבען אין א י ד י ש אין דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט. — דער אידישער קאַלדעראָן אין דער ערשטער העלפט פון דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט. — די ערשטע דראַמען אין העברעאיש אין דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט. — דער אידישער קלאַסיקער אויף דער פּאָרטוגעזישער ביהנע. — די ערשטע אידישע טהעאַטערס אין איטאַליען אין דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט און אין אַמעריקאַ אין דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט.

יר האָבען אין פאָריגען ארטיקעל געזעהן — ווי און ווען אידען זיינען בעקאַנט געוואָרען מיט'ן טהעאַטער, און אַז די דאָזיגע קונסט איז אין ירושלים געבליבען אַ פרעמדע. איצט וועלען מיר זעהן, ווען האָט זיך די דראמע אָנגעהויבען ביי אידען.

און דער אָנהויב פון דער אידישער דראַמע איז אויך א סך, א סך עלטער, ווי מען איז געוואוינט צו דענקען. מען האָט וועגען דער אידישער דראמע בכלל זעהר ווייניג געשריבען, און דער אָנהויב איז נאָך גאָר ניט אויסגעפאָרשט. די עטליכע אידישע געלעהרטע, וואָס האָבען געשיינקט אויפמערקזאמקייט דער אידישער דראמע, ווייזען געוועהנליך, אַז די געבורט פון דער אידישער דראמע איז פאָרגעקומען אין נייִנטען אָדער צעהנטען יאָהרהונדערט. נאָך אַנדערע זעהען ניט קיין שפור פון אידישער דראמע ביז'ן רענעסאַנס (16טער יאהרהונדערט). אָבער דאָס איז ניט אין גאַנצען ריכטיג. דער אָנהויב פון א דראמע איז ניט, ווען פאַרטיגע שטיקער ווערען אויפגעפיהרט, נאָר ווען מען הויבט זיי אָן צו שאַפען, מעגען זיי אפילו נאָך קיין שום פאָרם ניט האָבען. דער אָנהויב פון דער גריכישער דראמע איז ניט, ווען עסכילוס, דער ערשטער פון די דריי גרעסטע גריכישע דראמאטישע דיכטער, האָט אָנגעהויבען צו שאַפען זיינע טראגעדיעס; אויך ניט ווען טהעספּיס, דער פאָטער פון דער גריכישער דראמע, האָט אָנגעהויבען ארומצופאָהרען איבער'ן לאנד מיט זיין וואָגען, וועלכער האָט איהם געדיענט אלס א ביהנע, און דאָרטען געגעבען זיינע האַמיטנע פאָרשטעלונגען; די דראמע פאנגט זיך אָן פון דעם כאָר, וואָס האָט געטאַנצט און געזונגען, ווען דער פריסטער האָט געבראכט קרבנות צום גאָט פון ווייִן און דערצעהלט דעם עולם די שבחים פון דעם דאָזיגען גאָט, און פון די ווערטלאך און המצאות, וואָס זיינען דערביי געמאַכט געוואָרען פון דעם פובליקום. און ווען מיר בעטראכטען די אידישע דראמע פון דער צייט, וואָס זי האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבען צו ווייזען, מוזען מיר קומען צום שלוס, אַז זי איז כמעט אַזוי אַלט ווי דער גלות.

די אידישע דראמע, געבאָרען אין בית המדרש אָדער אויפ'ן שוהל־הויף און געצערטעלט פון פרומע אידען, האָט שוין אין אָנהויב פון דעם פינפטען יאָהרהונדערט געצאָהלט אַ שווערען פרייז און איז דורכגעווייקט געוואָרען מיט אידישען בלוט. דער אָנהויב פון דער אידישער דראמע איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם גלות. גע'רודפ'ט, געשטיקט, געוואָרגען פון אלע זייטען, האָט דער איד אָנגענומען די כלי זין פון דעם שוואכען און האָט זיך אָבגערעכענט מיט זיינע שונאים דערמיט, וואָס ער האָט פון זיי חוזק געמאַכט הינטער די אויגען. די געלעגענהייט דערצו האָט ער געהאַט אין דעם איינציגען טאָג פון יאָהר, פורים, ווען ער האָט געפייערט זיין גרויסען נצחון איבער זיין גרעסטען שונא — המן. עמלק'ס איינִיקעל איז געווען די פערקערפּערונג פון אלע אידישע שונאים און אַז מען האָט זיך מיט איהם גערעכענט, פון איהם חוזק געמאַכט, האָט מען געפיהלט, אַז דאָס איז א נקמה אָן אלע שונאים.

די מגלה וואָס מען האָט געלייענט אין שוהל, האָט ניט געגעבען קיין געלעגענהייט פאר

מאַכען חוזק. די מגלה אַליין איז צו ערנסט, די שוהל צו הייליג דערפאַר. האָט מען אויף דעם טאָג דעם שוהל־הויף פערוואַנדעלט אין א טהעאַטער און דאָרטען געמאַכט אַ גולם, אַ מאַנעקען פון המן'ען, און געשטעלט פאַר איהם אַ תליה. די אידען האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום דער תליה און ווער עס האָט געקאָנט, האָט געמאַכט אַ וויץ, געזאָגט אַן המצאה, ארויסגעשפרונגען מיט אַ קאַטאָוועס און ווען מען איז דערמיט פאַרטיג געוואָרען, האָט מען דעם גולם פערברענט צוזאַמען מיט דער תליה. צי דאָס איז געווען אַ צופאַל, צו אַן איינפאַל פון אַ וויצלינג, די תליה האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ צלם, און דאָס האָט ארויסגערופען אַ גרויסען פּראָטעסט פון די קריסטליכע שכנים. זיי האָבען זיך געקלאָגט, אַז אידען שפּאָטען פון זייער אמונה. אימפּעראַטאָר טהעאָדאָסיוס דער צווייטער האָט ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אידען זאָלען זיך ניט ערלויבען צו מאַכען אַזאַ פורים שפּיעל און ערקלערט אַ שטראָף פאַר די וואָס וועלען אויף דעם עובר זיין. אָבער ניט דער בעפעהל און ניט די שטראָף זיינען געווען בכח אָבצושטעלען אַזאַ שפּיעל. די אידען האָבען זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, און דער כעס פון די קריסטליכע שכנים איז געוואַקסען. אין דעם סירישען שטעדטיל אימנעסטאַר, ניט ווייט פון אַנטיאָך, וואו די אידען האָבען זיך לוסטיג געמאַכט פורים איבער אַ גולם פון המן אויף דער תליה, האָבען די קריסטען געמאַכט אַ בלבול, אַז די אידען האָבען אויפגעהאַנגען אַ קריסטליכען בחור אין דער פאָרם פון א שתי וערב, אין דער פאָרם פון אַ צלם, און פערשמיסען איהם אויף טויט. פיעלע אידען זיינען שווער בעשטראָפט געוואָרען דערפאַר, און אין אַנטיאָך האָבען די קריסטען אוים ראכע פערטריבען די אידען פון די בתי מדרשים. דאָס איז געווען אין דעם יאָהר 415.

ווי פרימיטיוו, ווי האַמעטנע אַזאַ שפּיעל איז ניט געווען, קאָן מען שוין אין דעם זעהן אַ גאַנצע האַנדלונג, אַ גאַנצע פאָרשטעלונג, און מען דאַרף ניט קיין סך חקירות צו ציהען דעם שלוס, אַז דאָס דאָזיגע שפּיעל איז פיעל נעהנטער צו קאָמעדיע, ווי די ערשטע וויצען און געזאַנג לכבוד דעם גריכישען גאָט דיאָניסוס, וועלכע רעכענען זיך פאַר'ן אָנהויב פון דער גריכישער דראַמע.

מען קאָן זיך גרינג פאָרשטעלען, ווי אַזוי דאָס פורים שפּיעל האָט זיך גענומען ענטוויקלען. די וויצען און המצאות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ארום דער תליה, זיינען אָנפאַנגס ארויסגעזאָגט געוואָרען ניט געטראַכטערהייד. יעדער האָט געזאָגט, וואָס איהם איז איינגעפאַלען. די געלונגענע וויצען, די בעסערע המצאות זיינען געבליבען אין זכרון און וואָס אַ יאָהר שפּעטער זיינען זיי געוואָרען אַלץ מעהר בעקאַנט און זיינען אַלץ מעהר געוואַקסען, און עס האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ געוויסער נוסח. דערביי איז שוין געווען גרינג איינצופיהרען אַן אָרדנונג, אַז איינער זאָל דעם צווייטען ניט אַריינפאַלען אין די רייד. איינער האָט געזאָגט און דער אַנדערער האָט געענטפערט און דאָס איז שוין אַן אמת'ער דיאַלאָג, וואָס ציהט זיין זאַפט פון דעם פאָלקס הומאָר.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם דאָזיגען שפּיעל איז צוגעגאַנגען זעהר, זעהר לאַנגזאַם, ווייל ווען מיר בעגעגענען אין דעם נײַנטען יאָהר־הונדערט שוין אַ פאַרטיגעס פורים שפּיעל, אַ פאָרם גענומען פון דער געשיכטע אחשורש, זעהען מיר ווידער, אַז די הויפּט פערזאָן איז אַ מאַנעקען פון המנ'ען, וועלכען מען פערברענט אויף אַ שייטערהויפען און די פערזאַמעלטע טאַנצען ארום איהם און זינגען און פרעהען זיך מיט המן'ס מפּלה.

אויף אַזאַ אופן האָט די אידישע דראַמע אין אַ קיימא לן פון פיער פינף הונדערט יאָהר קיין גרויסען פאָרטשריט ניט געמאַכט, און עס האָט זיך נאָר אויסגעאַרבייט אַנשטאַט צופעליגע וויצען און המצאות אַ פעסט־געשטעלטער נוסח, און קיין וואונדער ניט. די צייט פון דעם פינפטען ביי דעם צעהנטען יאָהר־הונדערט איז ניט געווען מסוגל פאַר דראַמע. אין דער דאָזיגער גאַנצער צייט איז אין קיין לאַנד ניט געווען ניט נור קיין שפּור פון קיין דראַמע, נאָר אויך ניט פון קיין שום סאָרט טהעאַטראַלישע פאָרשטעלונגען. די אַלטע דראַמע, דאָס הייסט די גריכישע, וואָס איז נאָכדעם איבערגעגאַנגען צו די רוימער, איז געשטאָרבען ביי דעם פינפטען יאָהרהונדערט מיט אַ נאַטירליכען טוידט. ביי די קריסטליכע גייסטליכע איז זי געווען פּונקט אַזוי טרפה ווי ביי די אידישע חכמים, נאָר איהר טוידט איז ניט געקומען פון זייערע הענד. זייערע איסורים וואָלטען וועניג געהאָלפען, נאָר די קלאַסישע דראַמע האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ מיט'ן רוימישען אַמפיטהעאַטער און היפּאָדראָם. אין רוים איז די קלאַסישע דראַמע געקומען צו קבורה, און הויף איז געווען דאָס בערגעל, וואָס מען האָט אויף איהר אויפגעשאָטען. צירקען זיינען נאָך געבליבען פיעל שפּעטער, נאָר טהעאַטער איז אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען.

אידען זיינען אפשר געווען די איינציגע, ביי וועמען דורך דער גאַנצער לאַנגער צייט פון דעם פינפטען ביז'ן צעהנטען יאָהר־הונדערט האָט זיך געוויזען דער ערשטער קערנדעל פון דער מאָדערנער דראַמע. עס איז פערשפּאַרט צו זאָגען, אַז דאָס וואָרט מאָדערנע ווערט דאָ געברויכט אין דעם ברייטסטען זין און דערמיט ווערט בעצייכענט די דראַמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען נאָכדעם ווי די אַלטע

קלאַסישע איז אָבגעשטאָרבען. די אידען זיינען
געווען די פּיאָנערען אין דער מאָדערנער דראַ־
מע און די דראַמאַטיזירונג פון דער מגלה אסתר,
וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דעם צעהנטען
יאָהרהונדערט, איז געווען אזא גרויסער אויפ־
טהו, פון וועלכען די אייראָפּעאישע פעלקער
האָבען דעמאָלט נאָך אפילו ניט געחלומ'ט.
דער אָנהויב פון דער מאָדערנער דראַמע אין די
מערב אייראָפּעאישע לענדער הויבט זיך אָן
ערשט אין דעם צעהנטען יאָהרהונדערט אין די
קירכען, און דער ערשטער אויסדרוק פון א דראַ־
מאַטישען עלעמענט איז געווען די לצנות'דיגע
עבודה, וואָס מען האָט געפּראַוועט פאַר דעם
אַלטאַר, און דעם יום טוב פון די שוטים. אַלע
לצים, וואָס האָבען אין דעם געשפּיעלט, זיינען
געווען אָנגעטהאָן ווי קאָמעדיאַנטען און מען
האָט דערביי געזונגען ציניש ליעדלאַך און
געגעסען און געטרונקען און געמאַכט זיך
לוסטיג.

יעדער אידישער אינגעל האָט געהערט, אז
פאַר פּסח בעהאַלטען די גלחים א צלם מיט'ן
געקרייציגטען יעזוס אין א קבר, און אין דער
נאַכט פון פּסח געהען די גלחים ארום און זו־
כען איהם, און ווען זיי קומען צום קבר געפינען
זיי איהם אָפען און דאָרטען ליגען נאָר די קליי־
דער, און עס ווערט א שמחה ביים עולם, אז
יעזוס איז צוריק לעבעדיג געוואָרען.

דאָס שטאַמט פון יענע צייטען און מען
האָט עס דעמאָלט געפּראַוועט מיט גרויס פּאַ־
ראד; מען האָט פאָרגעשטעלט, ווי די מוטער
פון יעזוס וויינט אויפ'ן קבר און ווי מלאכים
זינגען און דערביי זיינען פאָרגעקומען דיאַלאָ־
גען און דער עולם האָט זיך געפרעהט און געזונ־
גען, און זיך געהאַלזט און געקושט.

דאָס זיינען געווען ביי די קריסטען די
ערשטע פאָרשטעלונגען, פון וועלכע עס האָט
זיך ענטוויקעלט די מאָדערנע דראַמע, און ווען
מען פערגלייכט מיט זיי א דראַמאַטיזירונג פון
דער מגלה אסתר, וואָס אידען האָבען געשפּיעלט
אויפ'ן שוהל־הויף, עס מאַכט ניט אויס ווי
האַמעטנע, ווי אומגעלומפּערט די דאָזיגע דראַ־
מאַטיזירונג איז ניט געווען, קאָן מען גרינג
איינזעהן, אז די אידישע דראַמע האָט שוין דער־
גרייכט א געוויסע שטופע פון ענטוויקלונג, ווען
די מאָדערנע דראַמע האָט זיך ערשט גענומען
אויסקאַלופּען פון איי.

אָבער די אידישע דראַמע, געבאָרען אין
בית המדרש, ערצויגען פון ישיבה בחורים און
געצערטעלט פון פרומע אידען, איז שוין פון
געבורט געווען פער'משפּט אויב ניט אויף א
פריהצייטיגען טוידט איז לכל הפּחות אויף זעהר
א געמאַטערט לעבען. זי האָט גלייך דערפיהלט
די שטייפע פענטעס, וואָס האָבען איהר ניט גע־
לאָזט קיין ריהר טהאָן זיך און דערצו האָט זי
נאָך בעגעגענט אויפ'ן וועג גרויסע שטרויכלונ־
גען, וואָס זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט ביי־
קומען. שוין ביי דער ערשטער דראַמאַטיזירונג
פון אחשורש האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף
אן אייזערנע וואַנד. אין דער מגלה פון אסתר
קומען אריין אזעלכע פּערזאָנען, ווי ושתי,
אסתר און זרש, און אויב אפילו מען קאָן אויס־
קומען אָהן ושתי און אָהן זרש, קאָן מען זיך
ניט בעגעהן אָהן אסתר. און ווער זאָל שפּיעלען
דא די ראָל פון אסתר? א מיידעל? א ווייב־
בעל? אפילו ביי די גריכען האָבען קיין פרויען
ניט געשפּיעלט, און אויך מיט פיעל, פיעל הונ־
דערטע יאָהרען שפּעטער אין ענגלאַנד, אין
שעקספּירס צייטען, האָבען קיין פרויען ניט גע־
שפּיעלט אויף דער ביהנע, און די ראָל פון דער
ווייבליכסטער דזשוליעט האָט געשפּיעלט א
יונגער בחור אפשר נאָך מיט קליינע וואָנסעלאַך.
עס האָט דעמאָלט גאָר ניט געקאָנט זיין די פראַ־
גע פון „קול באשה ערוה", אז עס איז א
שאַנד צו הערען די שטים פון א פרוי, ווייל עס
האָט גאָר קיין רייד אפילו ניט געקאָנט זיין וועג־
ען א אידישער מיידעל אָדער ווייבעל צו מי־
שען זיך צווישען מאַנסביל. עס פערשטעהט זיך,
אז די ראָל פון אסתר האָט געפאָדערט שפּיעלען
א זכר, און אין אזא פאַל איז אויסגעקומען עובר
צו זיין אויף א בפירוש'ען לאו אין דער תורה,
„לא ילבש גבר שמלת אשה" — אז א מאַנסביל
טאָר ניט אָנטהאָן קיין פרויען קליידער. דער
פערבאָט פון טהעאַטער צוליעב מושב לצים איז
א חוזק געגען דעם דאָזיגען לאו, און דאָס אַליין
איז געווען גענוג צו טוידטען די אידישע דראַ־
מע, נאָך איידער זי האָט געוויזען די ערשטע
סימנים פון לעבען.

עס דאַרף דאַריבער קיין וואונדער ניט זיין,
פאַר וואָס די ענטוויקלונג פון דעם פּורים שפּיעל
איז צוגעגאַנגען אזוי לאַנגזאַם. מיר דאַרפען
זיך גיכער חדוש'ען ווי אזוי איז עס גאָר געקו־
מען צו א דראַמאַטיזירנג פון אחשורש, און טאַ־
קע ווען ניט דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון דעם
יום טוב פּורים, וואָלט קיין מאָל די אידישע
דראַמע ניט דערגרייכט אויפ'ן שוים פון אי־
דישקייט אפילו די שטופע פון ענטוויקלונג, ווי
זי ווייזט זיך ארויס אין דעם פּורים שפּיעל.

איך האָב שוין געהאַט די געלעגענהייט צו
רעדען וועגען דעם ספּעציעלען כאַראַקטער פון
דעם יום טוב פּורים און זיין איינפלוס אויפ'ן
פּורים שפּיעל אין א פריהערדיגען נומער אין
דער „צוקונפט"*), און כדי ניט צו ווידערהאָלען
זיך וועל איך דאָ נאָר דערמאָהנען, אז א דאַנק
דעם דאָזיגען ספּעציעלען כאַראַקטער פון פּורים
איז געווען מעגליך צו פערבויגען אפילו א לאו
פון דער תורה.

דאָס האָט אָבער נאָר געקאָנט גילטען איין
טאָג אין יאָהר און דאָס פעלד פון דער אידישער

---

*) זעה „צוקונפט", אָקטאָבער, 1913.

דראַמע איז דאריבער געווען זעהר בעשרענקט. און ווידער געהען איבער לאַנגע הונדערטע יאָה־רען און די אידישע דראַמע בלייבט אין א פער־גליווערטען צושטאַנד. און ערשט אין דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט הויבט זיך אָן צו ווייזען א טהעטיגקייט צווישען אידען אויפ'ן פעלד פון דראַמע.

אין די גהעטאָס איז ווייטער פון דעם פורים שפּיעל ניט געגאַנגען. די אידען אין דייטשלאַנד האָבען זיך נאָך אַלץ אונטערהאַל־טען מיט פורים שפּיעלס. דאָרטען זיינען די פורים שפּיעלס געשריעבען געוואָרען אין און־זער מאַמע לשון, וואָס מיר רופען איצט אידיש.

עס האָט צו אונז דערגרייכט א בלעטיל פון א מאַנוסקריפּט פון 1598. דאָס בלעטיל איז פון א שפּיעל, מיט וועלכען מען האָט און־טערהאַלטען אַלע פורים די אידען אין טאַנ־הויזען, און האָט מיט פורים גאָר ניט צו טהאָן. דאָס ווייזט, אז פאר א פורים שפּיעל איז גע־ווען גוט יעדע סאַטירע, אבי עס זאָל נאָר זיין צום לאַכען. פאר אונז איז זעהר אינטערע־סאַנט צו זעהן, פון וואָס אונזערע עלטער־עלטער זיידעס פון דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען געלאַכט און וואָס איז פאר זיי געווען שפּאַס.

דאָס דאָזיגע שפּיעל האָט געהייסען: שפּיל פון טב יעקלין מיט זיין וויב קענדליין און מיט צוויי זינליך פיין". אין דעם יאָהר 1620 האָט מען עס קאָפּירט און אָנגעגעבען א שפּעטערען דאַטום. ווי עס זעהט אויס פון דעם אינהאַלט, איז דאָס געווען א סאַטירע אויף א געוויסע פאַמיליע און האָט געקאָנט האָבען נאָר אַן אינטערעס פאר די טאַנהויזענער אידישע תושבים.

אויף דעם בלעטעל, וואָס האָט דערגרייכט צו אונז, געפינט זיך נאָר די הקדמה און די ערשטע שורות זיינען אזוי:

אדברה וירוח, איך וויל אייך זאָגען, וואָס
דאָס איז געשעהן בשנת שפ (1619) צו טאַנ־
הויזען אין קהלה קדושה.
הערט צו אונ' לאָט אייך ניקס זיין קשה,
קשה לאָט אייך ניקס זיין,
דען עס איז אַלע פורים גימיין,
דאָס מען מאַכט איין שפּיל פון טב יעקליין,
און מיט זיין וויב קענדליין
אונ' מיט צוויי זינדליך פיין,
וויא זיי האבען געפיהרט איין וועזען
אונ' דאָס איז אויף קירצליך גישעהן,
גישעהן עהע (איידער) איך מיך האָב אומגיזעהן,
גיזעהן היו אונ' הער,
איך האב גיטראַכט גאר זעהר,
ביז איך עס האב גיבראַכט אין רייס,
איז מיר גיוואָרען זעהר שוואַר.

דער אינהאַלט איז אזא: ערב סכות קומט א פויער מיט א מאָגערער אויסגעדאַרטער קוה צו שלענקערס הויז. יעקליין מיט זיינע צוויי זינליך האָבען די קוה געקויפט, דאָס וויב קענד־ליין האָט קעגען דעם דעמאָנסטרירט. די קוה האָט באַלד געהאַט א קאַלב און, לויט דעם מנהג, האָט דער אָרטיגער ריכטער גענאַרפּט קריגען די צונג פון דעם קאַלב, אָבער מען האָט איהר „קורץ און דין" אָבגעשניטען, און דער ריכטער האָט פעראורטהיילט קענדליין ארומ־צוטראָגען אין גאַס די „גאיגע", כדי מענשען זאָלען איהר פרעגען, צו זי איז אויף דער עלטער געוואָרען א גאיגערין.

פון דעם אינהאַלט איז שווער צו זעהן, וואָס דאָ איז געווען צו שפּיעלען, נאָר פון דער הקדמה זעהען מיר, אז

. . . עס איז אַלע פורים גימיין

דאָס מען מאַכט איין שפּיל פון טב יעקליין, נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין איז די אידישע דראַ־מע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען א סך, א סך פריהער ווי ביי די אנדערע פעלקער, דורך דער גאַנצער לאַנגער צייט פון דעם מיטעל־אַלטער ווייט ניט אַוועק.

דאָס פעלד פאר דער אידישער דראַמע צווישען אידען איז געווען צו ענג, און די אי־דישע קרעפטען האָבען געמוזט זוכען ברייטערע פעלדער פאר זייער דראַמאַטישער ריכטונג, און אזוי גיך ווי אזעלכע פעלדער האָבען זיך גע־עפענט, האָבען זיך אידען מיט חשק און התמדה גענומען צו דער דראַמע. די ערשטע אָריגינע־לע דראַמע אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור „סעלעסטינאַ" שרייבט מען צו א אידען, ראָד־ריגאַ דע קאָטאַ. די ערשטע עכט אידישע שטיק אין שפּאַניש „אסתר" איז אָנגעשריבען געוואָרען אין דעם יאָהר 1567 פון סאַלאָמאָן אוסק מיט דער הילף פון לאַזאַרא גראַציאַנאַ, ביידע אנוסים. אנדערע שפּאַנישע אידען זיי־נען געגאַנגען אין זייערע טריט און הגם פער־טריבען פון שפּאַניען האָבען זיי ניט אויפגע־הערט צו שרייבען אין שפּאַניש און שאַפען זיי־ערע דראַמאַטישע ווערק נאָך שפּאַנישע מאָ־דעלען. זייער טהעטיגקייט אויפ'ן פעלד פון דראַמע איז געווען אזוי פרוכטבאַר, אז באַלד האָט זיך בעוויזען א „אידיישער קאַלדעראָן", וועלכער האָט אָנגעשריעבען איבער צוואַנציג דראַמען. ער האָט געהייסען אַנטאָניאַ ענריקעז דע גאָמעץ (1600—1660), א מאַראַנאָ, וועלכער האָט זיך ארויסגעראַטעוועט פון דער אינקווי־זיציע און איז אַנטלאָפען פון שפּאַניען. א צייט לאַנג זיינען פיעל פיעסען זיינע אָנגענומען געוואָרען פאר קאַלדעראָנס. מען דענקט אויך, אז ער איז דער פערפאַסער פון דעם פורים שפּיעל „קאָמעדיאַ פאַמאָזאַ דע אַמאַן אי מאַרדעכאַי".

שמחה לוצאַטאָ (1590־1663) האָט אין זיינע יונגע יאָהרען אָנגעשריעבען אין איטאַ־ליעניש א מין אַלעגאָריע אין א דראַמאַטישער

פאָרם, מיט אַ מוסר השכל צו פעראייניגען אמונה מיט השכלה. דער אינהאַלט איז אזא: אין דער שטאָדט דעלפי פון דעם אלטען גריכענלאַנד האָט מען געגרינדעט אן אַקאַדעמיע מיט דער אויפגאַבע אָבצוזונדערן די פסולת פון דעם מענשליכען וויסען. פערשטאַנד האָט גלייך דערלאַנגט א פעטיציע צום געפענגניס, וואו ער איז א צייט לאַנג געווען איינגעשפאַרט דורך אָרטאָדאָקסישען אויטאָריטעט, און געפאָדערט מען זאָל איהם גלייך בעפרייען. און הגם פיפאַגאָראָס און אריסטאָטעל, די הויפט פאָרשטעהער פון וויסען, זיינען געווען געגען דעם און האָבען געוואָרענט, אז ווען פערשטאַנד וועט בעפרייט ווערען וועט ער פערשפרייטען שרעקליכע פערגרייזטע מיינונגען, דאָך האָט די אַקאַדעמיע ארויסגעלאָזט איהם פריי, ווייל נור מיט'ן פערשטאַנד קאָן וויסען זיך ענטוויקלען. אָבער די ערשט בעפרייטע מוחות האָבען אָנגעמאַכט א סך צרות, און די אַקאַדעמיקער האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. סאָקראַטוס האָט זיך אויפגעהויבען און אין א לאַנגע רעדע האָט ער ערקלערט, אז פערשטאַנד און אויטאָריטעט, ווען מען ערלויבט זיי צו געוועלטיגען אליין, וועלען נור מאַכען פעהלערען און צרות, אָבער ווען יעדערער פון זיי ווערט בעשרענקט, פערשטאַנד פון אמונה און אמונה פון פערשטאַנד, און ווערען אויסגעמישט אין א ריכטיגער פראָפאָרציע, וועלען זיי שאַפען א שעהנע האַרמאָניע, וואָס גיט דעם מענשען די וועלט און יענע וועלט.

אין דערזעלבער צייט האָט לעאָ מאדענא (1571-1649) איבערזעצט אין איטאַליעניש אוסק'ס „אסתר" פון שפאַניש.

אין דעמזעלבען יאָהרהונדערט איז אויך געמאַכט געוואָרען דער ערשטער פערזוך צו שאַפען די העברעאישע דראַמע. דער ערשטער אויף דעם געביט איז געווען משה זכות (זאקוט אָדער זאקוטא, געבאָרען אין 1630 אין אַמסטערדאַם און האָט געלערנט אין איין ישיבה מיט ברוך שפינאָזאַ, געשטאָרבען אין 1697). דאָס ווערק הייסט „יסוד עולם" און די העלדען זיינען: נחור, מלכה, תרח, אברהם, הרן, שרה, לוט און אזוי ווייטער.

הגם דער „יסוד עולם" איז געווען די ערשטע געשריעבענע דראַמע אין העברעאיש, איז אָבער די ערשטע העברעאישע געדרוקטע דראַמע געווען „אסירי התקוה" פון יוסף פענזא דע לא וועגא (1703-1650). די וויכטיגקייט פון ביידע דראַמען בעשטעהט נור דערין, וואָס זיי זיינען געווען די ערשטע אין העברעאיש. דער אינהאַלט פון „אסירי התקוה" איז אַזאַ: א קעניג, וואָס קוקט זעהר ערנסט אויף זיין פעראַנטוואָרטליכקייט אלס הערשער, ווערט פערפיהרט, פריהער פון זיינע אייגענע אימפולסען, וועלכע ווערען פערזאָניפיצירט אין יצר, דערנאָך פון א קאָקעטקע אין דער געשטאַלט פון אשה און דערנאָך פון דעם שטן. דריי אַנדערע קרעפטען בעמיהען זיך צו האַלטען איהם אויף דעם ריכטיגען וועג און זיי זיינען: שכל, השגחה און אַ מלאך. פענזאָ האָט געהאַט די כונה צו ווייזען די קינדער פון די מאַראַנאַס, וועלכע זיינען געוואוינט צו א פרייען אויסגעלאַסענעם לעבען אין שפאַניען, אז די וועגען פון דעם יצר און אשה און שטן פיהרען ניט צו קיין גוטעס, און אז דאָס אמת'ע גליק געפינט מען אין גוטע מדות.

מיט'ן אָנקומען פונ'ם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט איז די טהעטיגקייט אויפ'ן דראַמאַטישען פעלד, צווישען אידען, געוואָרען א פיעבערהאַפטע. די פאָדערונג אויף טהעאַטער וואַקסט אומעטום און דראַמאַטישע ווערק ווייזען זיך אין אַלע לענדער, צווישען וועלכע אידען זיינען פערשפרייט. דאָס איז געווען די צייט, ווען דער גאַנצער בנין פון אידישקייט האָט אָנגעהויבען צו קראַכען, די לאַסט פון חומרות, גדרים, סיגים האָט זיך אָנגעזאַמעלט א צו שווערע, און דער איד האָט געוואָלט אויסגלייכען זיינע פלייצעס. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי שבתאי צבי איז ווי א שטורם דורכגעגאַנגען אין אַלע תפוצות ישראל און האָט איבערגעלאָזט א ווילדע אויפרעגונג, אן אונבעקאַנטע בענקעניש נאָך אַ גרינגערן, פרייערן, בעסערן לעבען. אין די געהטאָס, וואו די אויגען זיינען געווען שטענדיג אויפגעהויבען צום הימעל, האָט מען פלוצים דערזעהן די ערד מיט אַלע איהרע פערגניגענס. און הגם שבתאי צבי אליין איז שוין געווען טוידט און זיינע חסידים אויסגע'שמד'ט, האָט אָבער נאָך דער שבתאי-צביניזם געלעבט, דער קאַמפף געגען דעם שווערען יאָך פון תלמוד האָט אָנגעהאַלטען, און דער מיסטישער זוהר, ווי דונקעל ער איז ניט געווען, האָט פערשפראָכען מיט'ן אויטאָריטעט פון אמונה מקרב צו זיין דעם הימעל צו דער ערד.

אין די הונדערט יאָהר מיט עפעס פאַר'ן אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען זיך די אידישע קרעפטען גענומען צו דראַמע אונטער דער השפעה פון שפאַניען, הגם זי האָט זיך מיט זיי שענדליך און אכזריות'דיג בעגאַנגען. אוסק און גאָמעץ האָבען געשאַפען זייערע ווערק אין שפאַניען, זאקוטא און פענזא זיינען געווען קינדער פון עלטערען, וועלכע זיינען געקומען נאָך אַמסטערדאַם פון שפאַניען און זיינען נאָך שטאַרק געווען דורכגעדרונגען מיט דער שפאַנישער קולטור. דער לעצטער פון דעם חדר איז געווען יאָזע דע סילוא (1739-1705). ער האָט זיך ערצויגען אין פאָרטוגאַל און ער האָט זיך אזוי אויסגעצייכענט אלס דראַמאַטישער דיכטער, אז ער איז געבליבען א קלאַסיקער אויף דער פאָרטוגעזישער ביהנע און זיינע דראַמען ווערען נאָך געשפיעלט ביז

היינטיגען טאָג. זיין טויט איז זעהר א טראַגישער. ער איז געשטאָרבען א מאַרטירער אויפ'ן שייטער־הויפען, און בשעת די פלאַמען האָבען ארומגעכאַפּט זיין קערפער, האָט מען אין דעם גרויסען טהעאַטער אין ליסאַבאָן אויפגעפיהרט זיינע אָן אָפּערעטע, און דאָס קנאַקען פון דאָס פייער האָט זיך אויסגעמישט מיט די מעלאָדישע קלאַנגען פון זיין מוזיקאַלישער דראַמע.

מיט איהם האָט זיך געענדיגט די עפּאָכע פון דער שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער השפעה אויף אידישע טאַלאַנטען. ער איז געוועזן דער לעצטער רינג אין דער גאָלדענער קייט, וואָס האָט זיך געצויגען פון דעם בלוטיגען שפּאַניען אין אַלע לענדער, וואו אידען האָבען געפונען א מקום מקלט נאָכ'ן גירוש.

גאָמעץ אין שפּאַניען און יאָזע דע סילוואַ אין פּאָרטוגאַל זיינען ניט געוועזן סתם דראַמאַטורגען, זיי האָבען פערנומען זעהר א וויכטיגען פּלאַץ אין דער שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער דראַמאַטישער וועלט. עס איז זעהר פיעל געזאָגט, ווען גאָמעץ'ס דראַמען זיינען א צייט לאַנג אָנגענומען געוואָרען פאַר קאַלדעראָנ'ס. קאַלדעראָן פערנעהמט אויף דער שפּאַנישער ביהנע דעמזעלביגען פּלאַץ, וואָס שעקספּיר אויף דער ענגלישער. יאָזע די סילוואַ'ס דראַמען האָבען אויסגעהאַלטען די בעסטע פּראָבע, די פּראָבע פון צייט, ווען זיי האַלטען זיך שוין קרוב צוויי הונדערט יאָהר אויף דער פּאָרטוגעזישער ביהנע. די דאָזיגע פאַקטען זיינען פאַר אונז זעהר וויכטיג. מען האָט ביי אונז און וועגען אונז א סך טהעאָריען געבויט, פאַר וואָס אידען האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט אויף דער ביהנע. מען האָט וויסענשאַפטליך ערקלערט, אז רדיפות און די גהעטאָס האָבען די אידען ניט געמאַכט מסוגל פאַר דראַמע. מען האָט אויך ערקלערט, אז דער אידישער טעמפּעראַמענט איז אזאַ, וואָס לאָזט זיך פשוט ניט שפּאַנען צו דראַמע. די אַנגסטען און צרות פון די אנוסים זיינען געוועזן פיעל גרעסער ווי די רדיפות און ערנידרונגען, וואָס די אידען אין די גהעטאָס זיינען אויסגעשטאַנען. דער טעמפּעראַמענט איז ביי זיי געוועזן א ריין־אידישער, און דאָך האָבען די אידען אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל דערוויזען אויסצוצייכענען זיך אויף דעם פעלד פון דראַמע.

(שלום קומט)

יוסף יפה

חבל על דאבדין

ווי די יאָהרען שנעל פערשוועבען !
כ'האָב גאַנץ וועניג נאָך צו לעבען,
כ'פיהל שוין אויף מיין האַלז דעם חלף,
און איך האַלט נאָך אַלץ ביים אלף
אין דעם אלף־בית פון ליעבע.

ס'ליעגט א טיעפער סוד בעהאַלטען
אין דעם אַלף־בית דעם אַלטען :
וויפיעל אותיות זאָלסט נישט קלייבען,
וועסט דו אַלץ ביים אַלף בלייבען.

אמת, כ'האָב פאַר מיינע יאָהרען
נישט אומזיסט די צייט פערלאָרען :
כ'האָב געצערטעלט ליעבסטע פיעלע
אין די פריהלינג־נעכט די קיהלע
און אין קאַלטע ווינטער־צייטען
פלעג איך אויך נישט שטעהן פון ווייטען ;
דאָך די שעהנע מיידלעך־בלומען
האָבען זיך נישט אויסגענומען,
וויפיעל כ'האָב זיי נישט געקליבען,
זיינען מעהרער אַלץ פערבליעבען . . .

וויפיעל לוסטען ניי דערשפּירטע,
וויפיעל ליפּלעך נישט בעריהרטע,
וויפיעל הערצער נישט דערקוויקטע,
ברוסט צו ברוסט נאָך נישט געדריקטע,
קרענץ פון ליליען, קרענץ פון ראָזען, —
און איך מוז די וועלט פערלאָזען !

ווי די יאָהרען שנעל פערשוועבען !
כ'וויל א הונדערט יאָהר נאָך לעבען,
כאָטש נאָך טויזענד בלימלעך קלייבען,
כ'וויל קיין הונגריגער נישט בלייבען !
און דאָ פיהל איך שוין דעם חלף,
און איך האַלט נאָך אַלץ ביים אלף
אין דעם אלף־בית פון ליעבע !

דר. מאַקס גאָלפּאַרב

די פּויליש-אידישע בעציהונגען און דער „בונד"

אויף דער טאָגעסאָרדנונג פון דעם 8טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד" געפינען מיר, צווישען אַנדערע פראַגען, אויך די פראַגע וועגען דעם פיעל־בעשפּראָכענעם פּויליש־אידישען באָיקאָט. די דיסקוסיאָן איבער דיעזער פראַגע האָט זיך אָנגעהויבען אין אונזער ליטעראַטור נאָך מיט איינינע מאָנאַטען צוריק און עס געהט נאָך אָן עד היום. ביילים'ס פּראָצעס האָט אַלע אַנדערע פראַגען אַוועקגערוקט אָן אַ זייט. איצט איז ביילים שוין פריי. ער איז שוין וואַהרשיינליך אין ארץ ישראל. אונז איז געבליבען נור די ירושה פון דעם פּראָצעס. מיר ווייסען איצט, אז די רוסישע רעאַקציע האָט געליטען אַ שרעקליכע מפּלה. אז אַ גרויסען טעות האָבען געהאַט די, וועלכע האָבען גע־טענה'ט, אז אין דעם פּראָצעס האָבען זיך כלומרשט בעגעגענט פּנים אל פּנים דאָס אַנטי־סעמיטישע קריסטענטום מיט דעם אומגליקליכען יודענטום. איצט קענען מיר איבערגעהן צו אונזער געוועהנליכער טאָגעסאָרדנונג.

דיזעלבע, וואָס האָבען בעטראַכט ביילים'ס פּראָצעס אַלס אַ צוזאַמענשטויס צווישען קריסטענטום און יודענטום, שרייען שוין מעהר ווי אַ יאָהר וועגען דעם שרעקליכען חורבן פון דעם פּוילישען יודענטום אַ דאַנק דעם באָיקאָט. אויף פערשיעדענע טענער, מיט פערשיעדענע שטימען זינגען אַלע די מעלאָדיע פון איכה ישבה בדד העיר. אַלע זיינען שרעקליך אויפ־געבראַכט אויף די „קלאַסען־פערזאָרגערס" — אויף דעם „בונד" הייסט עס — דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די העזה אויפצוקלערען די אמת'ע סבות פון דעם באָיקאָט. נור זיי זיינען דערפאַר צופריעדען, וואָס אין „בונד" זיינען אויך פאַרהאַן חלוקי דעות, וואָס איינינע האָבען גערופען צו אַן אַקטיווען קאַמפּף געגען באָיקאָט. לאָמיר זיך קודם כל פאַנאַנדער־קלייבען אין דעם באָיקאָט גופא. דאַן וועלען מיר ארויסזעהן, אז די פרייד פון דעם נאַציאָנאַליסטישען כאָר איז אַלענפאַלס פריהצייטיג.

דער בעוואוסטער דייטשער עקאָנאָמיסט ראשער שרייבט וועגען די אידען־פערפאָלגונגען פאָלגענדעס: „אַלע פערפאָלגונגען פון די אידען, סיי אין מיטעלאַלטער, סיי איצט, זיינען ענג פערבונדען מיט דער ענטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע". מיט אַ גאַנצע רייה ביישפּיעלען בעווייזט ער, אז מען האָט די אידען איבעראַל געדולדעט, מען האָט זיי אַפילו געגעבען פּריווילעגיעס, כל זמן מען האָט זיך גענויטיגט אין אַ קלאַס פון פערמיטלער, פון סוחרים, באַנקירען און ד. ג. קומט אויף אָבער אין לאַנד אַן איינענע, אַ נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע, הויבט זיך אָן אַ קאַמפּף געגען די אידען, וועלכער פער־ענדיגט זיך כמעט איבעראַל דערמיט, וואָס גע־וויסע טהיילען פון אידישע סוחרים ווערען רואינירט, אַנדערע פערלאָזען דאָס לאַנד מיט גוטען אָדער מיט בייזען. אזוי, זאָגט ראשער, איז פאָרגעקומען אין שפּאַניען, איטאַליען, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ז. וו. אין ראשער'ס צייטען איז נאָך קיין באָיקאָט אין פּוילען ניט געווען און ער האָט די פאָלקאָמענסטע רעכט געהאַט צו זאָגען, אז אין פּוילען בעציהט מען זיך גוט צו די אידען, ווייל מען נויטיגט זיך אין אַ קלאַס פון פערמיטלער.

איצט קומען די מחברים פון נאַציאָנאַלע קנות און שרייען: אין פּוילען קומט אויף אַן אויגענע, אַ נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע און דאָס יודענטום אין פּוילען איז אין אַ געפאַהר.

אין דעם געשריי איז דאָ אַ ביסעל אמת און פיעל ליגען. דער אמת איז, אז דעם גע־דאַנק פון באָיקאָט געגען אידען האָט אונטער־געכאַפּט און פערשפּרייט אַ געוויסער טהייל פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, נור ניט אזוי די אויפגעקומענע, יונגע גרויס־בורזשואַזיע, ווי די שטאַרבענדע קליין־בורזשואַזיע, וואָס וויל אויסנוצען די נאַציאָנאַלע געפיהלען אום זיך צו ראַטעווען פון די פאָלגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג.

אַ גאַנץ קאָמפּעטענטער בעאָבאַכטער פון'ם פּוילישען באָיקאָט מוז צוגעבען, אז „אין די גרויסע און מיטעלע שטעדט, ווי וואַרשוי, לאָדז, לובלין און אַנדערע — זעהט מען ניט אזוי בחוש דעם עקאָנאָמישען באָיקאָט"*). און דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך. די אידעע צו נאַציאָ־

*) זעה דעם אַרטיקעל פון ש. ראָזענפעלד, „צוקונפט" יאנואר, 1914, ז. 51.

נאַליזירען דעם האַנדעל אין ה י י נ ט י ג ע ר
צייט האָט געקענט געבוירען ווערען נור אין דעם
קאָפּ פון דעם רוסישען ביוראָקראַט סטאָליפּין,
נור אפילו ער איז ניט איבערגעגאַנגען פון
וואָרט צו טהאַט. אין „פּוילישען“ האַנדעל,
אין דער „פּוילישער“ אינדוסטריע געפינען זיך
אידישע, פּוילישע, דייטשע קאַפּיטאַלען און
נאָך מעהר געפינען זיך דאָרטען קאַפּיטאַלען אָהן
א נאָמען, אָהן א פאָטערלאַנד — דער זאָגע־
נאַנטער אַנאָנימער־קאַפּיטאַל. פערנאַנדערטהיי־
לען, אָבגרעניצען די פערשיעדענע קאַפּיטאַלען
איז אונמעגליך אין דער היינטיגער קאַפּיטאַ־
ליסטישער געזעלשאַפט. און מיר ערלויבען זיך
צוגעבען צו די ווערטער פון דעם ציטירטען
שרייבער, אז ניט בלויז אין די גרויסע און אין
די מיטעלע שטעדט, נור סתם אין דער וועלט
פון גרויסע און מיטעלע קאַפּיטאַליסטישע
אונטערנעהמונגען זעהט מען ניט אזוי בחוש
דעם עקאָנאָמישען באָיקאָט. און ס'איז דאָך
א כלל, וואָס קיינער קען ניט אָפּלייקענען, אז
די גרויסע בורזשואַזיע, דער גרויכער קאַפּיטאַ־
ליזם וואַקסען אין פּוילען און שלינגען איין דעם
קליינעם הענדלער און דעם קליינעם פאַברי־
קאַנט.

נור גיט א קוק אויף דעם קליינעם שטעד־
טעל — רופען אונז די „נאַציאָן־פערזאָרגערס“
— דאָרט, זאָגען זיי, איז דאָך אן אמת'ר חורבן.
אויף דעם וועלען מיר זיי ענטפערען, אז נאָך
אין יאָהר 1897, דאָס הייסט צוריק מיט 16
יאָהר, איז אין די „מאַטעריאַלען וועגען דער
עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידען“ פעסטגע־
שטעלט געוואָרען, אז די אידען אין פּוילען
עמיגרירען פון מזרח צו מערב, ד. ה., פון די
אָפּגעשטאַנענע געגענדען אין די אינדוסטריע־
לע און פון די קליינע שטעדט אין די גרויסע.
אין 1890 זיינען אין דער פּעטראָקאָווער גו־
בערניע געווען 122.731 אידען. אין יאָהר
1897 האָבען מיר שוין דאָרט געפונען 222.299
אידען — אויף 81,1% מעהר. אין וואַרשע־
ווער גובערניע איז אין יאָהר 1890—208.074
אידען, אין 1897 — 349.943 אידען — מיט
68% מעהר. פון דער צווייטער זייט זעהן מיר,
אז אין פּלאָצקער און סובאַלקער גובערניעס איז
די אידישע בעפעלקערונג פאַר דעמזעלבען משך
פ ע ר ק ל ע נ ע ר ט געוואָרען; אין דער
ערשטער אויף 26,9% און אין דער צווייטער
אויף 45,9%!

און ניט נור אין פּוילען. פּרובירט אויס־
פאָרשען אזא שטעדטעל, ווי טשודנאָוו (וואָלין).
אָדער ווי קרעסלאַווקא, וויטעבסקער גובערניע,
וועט איהר זעהן, אז פון זיי איז אויך כמעט
קיין שריד ופליט ניט געבליעבען. דאָס ערשטע
האָט בערדיטשעוו איינגעשלונגען (און איצט
שטאַרבט אויך בערדיטשעוו אָפּ, א דאַנק דער
ענטוויקלונג פון קיעוו), און מיט דעם צווייטען
האָט דווינסק פערביסען. אזוי איז דער נויט־
ווענדיגער וועג פון דער היינטיגער עקאָנאָמי־
שער ענטוויקלונג. און מיר גלויבען, אז אין
די קליינע שטעדטלעך פון פּוילען זעהען מיר
בלויז די פאָלגען פון דער אַלגעמיינער קאַפּי־
טאַליסטישער ענטוויקלונג, וועלכע זיינען ארויס־
געטראָטען דייטליכער נור א דאַנק דעם באָי־
קאָט. דער פּוילישער „באָיקאָט“ איז געווען
דאָס ווינטעלע, וואָס האָט איבערגעקעהרט די
אונטערנעהמונגען אויף „הינערשע פיסלעך“.
אָהן דעם ווינטעל וואָלטען זיי פריהער אָדער
שפּעטער סיי ווי סיי אליין אומגעפאַלען.

דער קאַמפּף געגען די אידען אין פּוילען
קומט פאָר ניט ביי דיזעלבע בעדינגונגען, ווי
עס איז פאָרגעקומען אמאָל, אין מיטעלאַלטער,
דער קאַמפּף געגען די אידען פון דער נאַציאָ־
נאַלער בורזשואַזיע אין איטאַליען, דייטשלאַנד,
פראַנקרייך א. ז. וו. דער קאַפּיטאַל איז היינט
צו טאָג ניט נאַציאָנאַל; די פּוילישע בורזשואַ־
זיע האָט אויך ניט איהר אייגענע מלוכה מאַכט;
דערצו נאָך איז דאָס אידישע פאָלק מעהר ניט
איינאַרטיג, איז צוטיילט אויף פערשיעדענע
קלאַסען. דער פּוילישער באָיקאָט האָט קיין
איינע פון די אויסגערעכענטע בעדינגונגען און
טאַקע דערפאַר האָבען איניגע אונטערנעהמונ־
גען זייערע געפּלאַצט, איניגע לייה־קאַסעס
באַנקראָטירט, עטליכע קאָאָפּעראַטיווען זיך
פערמאַכט און ז. וו. מיר ווייסען נור ניט, וועל־
כע אידישע פעסטונגען*) זיינען צושטערט
געוואָרען.

רעדען מיר פון דער עקאָנאָמישער זייט
פון באָיקאָט, געפין איך ניט אין „בונד“ קיינע
חלוקי דעות. אַלע זיינען איינשטימיג אין דעם,
אז מיר האָבען צו טהאָן מיט א שאַרפער קאָנ־
קורענץ, וועלכע האָט זיך פערשלייערט אין א
נאַציאָנאַלען מלבוש. נאָך מעהר, פאַר אַלע־
מען איז קלאָר, אז די אידישע נאַציאָנאַליסטי־
שע פּרעסע האָט שטאַרק מגזם געווען די עקאָ־
נאָמישע פאָלגען פון דעם באָיקאָט, פערשוויי־
גענדיג אגב אורחה, אז די אידישע קרעמער
האָבען ווי ווייט מעגליך געצויגען פּראָפיט פון
„די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען“. די סענסאַ־
ציאָנעלע ידיעות וועגען חורבן האָבען אויך זעהר
גוט געווירקט אויף דער סירקולאַציאָן. מען
קען זאָגען, אז די נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע
האָט זעהר ערפאָלגרייך אויסגענוצט דעם באָי־
קאָט פאַר די אינטערעסען פון איהר קרעמעל.
אָבער דער פּוילישער באָיקאָט איז דאָך ניט
געווען בלויז אן אויסדרוק פון עקאָנאָמישער
קאָנקורענץ, זאָגט מען אונז. ס'איז דאָך ניט
קיין צופאַל, וואָס די פערווירקליכונג פון באָי־
קאָט איז אויף אזוי פיעל צוזאַמענגעבונדען
מיט די דומא־וואַהלען בכלל און מיט דער ער־

*) זעה „צוקונפט“ דעם ציטירטען אַרטיקעל.

וועהלונג פון חבר יאגעללאַ בפרט. געהען מיר איבער צו דער ריין פּאָליטישער זייט פון באָיקאָט, זעהן מיר אַן אַנדער בילד: די נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע שווייגט און דאָס וואָרט געהערט הויפּטזעכליך צום „בונד".

לאָמיר זיך קודם כל דערמאָהנען דעם אָנפאַנג פון באָיקאָט.

די פּאַרטיי פון די נאַראָדאָווצעס, וועלכע האָט פּערטראַטען קרוין־פּוילען אין אַלע דריי רוסישע דומאָס, האָט אין ווארשוי, אין דער הויפּטשטאָדט פון פּוילען, געליטען אַ שרעקליכע ניעדערלאַגע: איהר אָנפיהרער און וועגווייזער, דמאָווסקי, איז ביי די וואַהלען אין דער 4טער דומאַ דורכגעפאַלען. ווארשוי האָט דערמיט אויסגעדריקט אַן אונצוטרוי צו דער פּאָליטיק פון פּשרות מיט דער רוסישער רעגיערונג, צו דעם ראָמאַן פון דער פּוילישער רעאַקציע מיט דער רוסישער רעאַקציע. אַלע פּוילישע, פּאָליטיש־פּאָרטגעשריטענע עלעמענטען האָבען זיך פּערייניגט געגען דמאָווסקי'ן און זיין פּאָליטיק. די דורכגעפאַלענע פּאַרטיי ווענדעט זיך צום אַלטען מיטעל — צום אַנטיסעמיטיזם און צו זייער ליעבלינג־אידעע — צום באָיקאָט. דמאָווסקי'ס פּאַרטיי האָט בעקומען אַ מינאָריטעט אויף דער פּוילישער גאַס, בעת די פּוילישע גאַס אליין איז בעזיעגט פון דער אידישער גאַס. דמאָווסקי'ס פּאַרטיי איז געוואָרען אַ מינאָריטעט אין אַ מינאָריטעט. די נאַראָדאָווצעס האָבען בעקומען די מעגליכקייט מיט נייע פאַקטען אין דער האַנד צו שרייען, אַז פּוילען איז אין געפאַהר, סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש. און דער קליין־בירגער כאַפּט אונטער דעם קאַמפּף־געשריי פון עקאָנאָמישען באָיקאָט. זיי פּאַסען איהם אויף ווירקליך פון עקאָנאָמישער זייט. די פּוילישע אינטעליגענץ אָבער כאַפּט אונטער די אידעע פון נאַציאָנאַלען קאַמפּף. זי ברענט שוין לאַנג געגען די „ליטוואַקעס". זי זעהט איצט, אַז דער פּוילישער איד איז אליין אַ „ליטוואַק" געוואָרען — ער קויפט אַלע אינטעליגענטע סחורות ניט ביים פּאָליאַק, נור ביים אידען. ער געהט אין אַ י ד י ש ע ן טהעאַטער, ער לעזט אַ א י ד י ש ע צייטונג, ער האָט אַ א י ד י ש ע געזעלשאַפטען פון ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפט. דער קאַמפּף געגען דער אידישער קולטור איז פאַר דער פּוילישער אינטעליגענץ פּונקט אַזוי פּראַקטיש ווי דער באָיקאָט פון דעם אידישען קרעמער פאַר דעם פּוילישען קרעמער. די פּוילישע נאַראָדאָווצעס, וועלכע זיינען נעכטען דורכגעפאַלען, לעבען היינט ווידער אָפּ. אַנשטאַט דער נעכטיגער פּעראייניגונג געגען די נאַראָדאָווצעס, בעקומען מיר היינט אַ פּעראייניגונג פון אַלע פּוילישע פּאַרטייען, מיט די נאַראָדאָווצעס אָן דער שפּיצע, געגען די אידען.

די פּוילישע אינטעליגענץ האָט אין איהרע הענד די פּרעסע. זי איז בכוח צו שאַפען אַ גרויסען אַנטיסעמיטישען טומעל, און זי שאַפט איהם. די אַרבייטער־דעמאָקראַטיע האָט ניט קיין פּרעסע, איהר שטימע קלינגט... אונטער דער ערד און זי דערגעהט ניט צו דער פּערשכור'טער גאַס, וואו די נאַראָדאָווצעס פּראַוועז זייען יום־טוב. דמאָווסקי'ס פּאַרטיי נוצט אויס דעם אינטעליגענט פון איין זייט, דעם לומפּען־פּראָלעטאַריער, וועלכער איז שטענדיג גרייט צו וואַרעמען זיך ביי אַ שריפה, פון דער צווייטער זייט.

נור די אידען האָבען אָפּגעטהאָן די פּאָליאַקען אַ ריכטיגען שפּיצעל. זיי האָבען אויסגעקליבען אין דומאַ אַן אמת'ן פּאָליאַק, אַ פּאָליאַק, וואָס טראָגט נאָך דערביי אַן אַלט־היסטאָרישען נאָמען—יאגעללאַ. נור זיי האָבען אויסגעקליבען דעם קאַנדידאַט פון „בונד" און פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי). זיי האָבען עס באמת געטהאָן דערפאַר, ווייל זיי האָבען קיין „בעסערען" ניט געפונען, נור זיי האָבען ניט געוואוסט בשעת מעשה, אַז ב ע ס ע ר האַנדלען האָבען זיי ניט געקענט.

דער געשריי „באָיקאָט" איז שטאַרקער געוואָרען אויף דער פּוילישער גאַס. נור דאַן איז קלאָר און בולט געוואָרען דער ק ל אַ ס ע נ־כ אַ ר אַ ק ט ע ר פון באָיקאָט. די אַנטיסעמיטישע פּעראייניגונג איז פּערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ אַנטיסאָציאַליסטישער פּעראייניגונג. די אידישע נאַציאָנאַליסטען האָבען אויך זיך אליין אָבגעשמיסען. נעכטען האָבען זיי געקעמפּפט געגען דעם פּעראיין פון דעם „בונד" מיט די פּ. פּ. ס., זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען געגען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען, און היינט... היינט האָבען זיי יאגעללאַ'ן ערוועהלט. זיי האָבען אליין אָפּגעשניטען דעם וואָרצעל, אויף וועלכען זיי האָבען זיך געהאַלטען. זייער געשריי, אַז יעדע נאַציאָן מוז איינהייטען איהר „נאַציאָנאַלען פּנים", ווי עס איז געוואָרען אַ מאָדע אויסצודריקען זיך, האָט פּערלאָרען יעדע בעדייטונג.

פון ביידע נאַציאָנאַלע פּנים'ער איז געוואָרען איין קלאַסען־פּנים אין פּערשיעדענע געשטאַלטען. דער קאַמפּף פון די נאַראָדאָווצעס געגען דער אַרבייטער־בעוועגונג האָט שוין אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע. זי האָט געאַרבייט אויף דעם „ציוויליזירטען" אופן, גרינדענדיג פּערשיעדענע פּערזיכערונגס־קאַסעס צווישען די אַרבייטער. זי האָט אויך זיך ניט אָבגעזאָגט פון די „רוסישע" מיטלען: נאָך אין יאָהר 1905 האָבען זיי פּרובירט, דורך כוליגאַנישע אָנפאַלען, דעמאָראַליזירען די אַרבייטער־בעוועגונג (טאַקע די פּוילישע!). איצט פּרובירט זי נור איינרעדען, אַז זי קעמפּפט געגען דעם „אָנגעשטעלטען" פון די אידען.

און די אידישע פאַבריקאַנטען? — שוין גאַנץ לאַנג, אז זיי פיהרען אָן א סיסטעמאַטישען און אויסגעהאַלטענעם באָיקאָט געגען די אידען. אמת, ניט געגען די אידישע קונים. דער באָיקאָט איז בלויז געגען די אידישע אַרבייטער. נור וועגען דעם שווייגט, געוועהנליך, די אידישע פרעסע.

איצט איילען זיך די אידישע פאַבריקאַנטען צו כאַפּען פיש אין דעם שמוציגען וואַסער פון נאַציאָנאַלער העצע.

ס'איז כדי זיך אָפּצושטעלען אויף אייניגע פאַקטען. אין דער צייט פון א סטרייק אין לאָדז, דערצעהלט דער „פריינד", איז פאָרגעקומען אזא „קאָמעדיע". אין א שעהנעם פריה־מאָרגען כאַפּט זיך אויף א אידישער פאַבריקאַנט, וועלכער האָט ניט קיין איין אידישען ארבייטער אין זיין פאַבריק, און ווערט פּלוצלונג „פאַטריאָטיש". ער מעלדעט אין די צייטונגען, אז אין זיין פאַבריק ווערען אָנגענומען אידישע קראַפט־וועבער. און אז עס קומט זיך צונויף א געוויסע צאָהל אידישע אַרבייטער, שטעלט דער „פאַטריאָט" אוים די אידישע אַרבייטער אויף איין זייט און די קריסטליכע אַרבייטער, וועלכע האָבען ביי איהם פערשטרייקט, אויף דער צווייטער זייט, און זאָגט צו די קריסטען: „איהר זעהט, די אידישע ארבייטער ווילען ארבייטען פאַר א ביליגערען לוין און אויב איהר וועט ניט צוטרעטען צו דער ארבייט, וועל איך צונעהמען די אידישע אַרבייטער".

אַזעלכע און עהנליכע פעלע זיינען פאָרגעקומען ביי צוויי־דריי „פאַבריקאַנטען". נור נאָך פיעל ערגערעס האָבען מיר געזעהן אין דער פרעסע, וועלכע האָט אזוי מיאוס געשפּיעלט אויף די נאַציאָנאַליסטישע געפיהלען. דער „ראַזסוועט" האָט אָפען גערופען אויסצונוצען די אידישע אַרבייטסלאָזע געגען די פוילישע סטרייקערס און דער „מאָמענט" האָט זיך ערלויבט אין דעם זעלבען נומער, וואו ער האָט געפרעדיגט אידישע אחדות, צו דרוקען א מעלדונג פון א אידישען פאבריקאַנט, אז ער וועט פון היינט אָן און ווייטער מעהר קיין אידישע אַרבייטער ניט צונעהמען. דער „פריינד" האָט גאַנץ ריכטיג בעמערקט וועגען דעם, אז אזא מעלדונג געגען פוילישע אַרבייטער וואָלט א פוילישע צייטונג ניט געדרוקט.

דאָס קלאַסען פּנים פון ביידע „נאַציאָנאַלע פּנימ'ער" האָט אויך בעשטימט די קלאַסענפּאָליטיק סיי פון „בונד" סיי פון די פוילישע סאָציאַליסטען. די צייטשריפטען „צייט" (אין אידיש) און „קוזניא" (אין פויליש) האָבען געאַרבייט אין דער זעלבער ריכטונג. זיי האָבען געקעמפּפט געגען ביידע „נאַציאָנאַלע פּנימ'ער", ערקלערענדיג די אַלגעמיינע אינטערעסען פון די פוילישע און אידישע אַרבייטער און אויך אָנווייזענדיג די ברייטע פאָלקסמאַסען אויף דער געפאהר פון דער שאוויניסטישער מגפה אויף דער פויליש־אידישער גאַס.

דער שלאַגוואָרט פון די באָיקאָטיסטען איז געווען: „פוילען איז בלויז פאַר די פאָליאַקען" און דאָס האָט געהייסען: קיינע פאָליטישע רעכטע פאַר די אידען; מען דאַרף די אידען פונ'ם לאַנד פערטרייבען.

די פראָגראַם איז אייגענטליך געווען זעהר קאָמיש. ערשט נעכטען האָט מען אָפּגעטיילט פון פוילען די חאָלמער גובערניע. דיזעלבע שטאָלצע פאַטריאָטען בייגען זיך אין דרייען צו בעקומען א שטיקעל שטאָדט פערוואַלטונג. דער אמת'ער בעל הבית פון פוילען — די רוסישע רעאַקציע — מאַכט חוזק פון די פוילישע רעכט, פון דער פוילישער שוהלע, פון דער פוילישער שפּראַך, און הערשט אין פוילען כמעט אונבעגרענעצט. צום בעדויערען אָבער, קענען מיר די פראָגראַם פון די נאַראָדאָווצעס ניט פּטר'ן מיט א געלעכטער. די לאַגע איז צו טרויעריג. די פוילישע פאַטריאָטען זיינען טאַקע ניט די בעלי בתים פון פוילען, נור מיט זייער פּראָגראַם האָבען זיי ביז א געוויסען גראַד געכשר'ט די ניעדערטרעכטיגע פּאָליטיק פון דער רוסישער רעאַקציע בנוגע צו די אידען.

דאָסזעלבע האָבען אויך פון דער צווייטער זייט געטהאָן די אידישע שאָוויניסטען. זשאַבאָטינסקי האָט געפּרעדיגט, אז מען דאַרף קעמפּפען געגען די פּאָליאַקען פּאָליטיש, ד. ה., מען דאַרף קעמפּפען געגען דער פוילישער אויטאָנאָמיע, און דער געדאַנק האָט אין א געוויסער מאָס נושא חן געווען ביי דעם עולם, וואָס האָט טהיילווייז געליטען פון באָיקאָט און וואָס האָט מורא געהאַט, אז דער באָיקאָט וועט איהם רואינירען. זשאַבאָטינסקי און זיינע אָנהענגער האָבען א קנאַפּע ווירקונג אויף דער רוסישער רעאַקציע, נור דאָך האָט עס אויסגעזעהן, אזוי ווי זיי וואָלטען געשטיצט די פּאָליטיק פון די רוסישע נאַציאָנאַליסטען בנוגע צו די פּאָליאַקען. דמאָווסקי פון איין זייט, און זשאַבאַטינסקי פון דער צווייטער האָבען געגאָסען וואַסער אויף דער מיהל פון דער רוסישער רעאַקציע, דערווייטערענדיג דעם טאָג פון פרייהייט סיי פאַר די אידען, סיי פאַר די פּאָליאַקען. און די רוסישע רעאַקציע האָט גלענצענד אויסגענוצט די גינסטיגע לאַגע. די רוסישע רעאַקציאָנערען זיינען געווען אויף דעם זיבעטען הימעל, ווען די פוילישע דעפּוטאַטען האָבען געהאַלטען אַנטיסעמיטישע רעדעס. זיי האָבען מיט פערגעניגען צוגעשטימט, אז מען דאַרף די אידען אין די פוילישע דומעס ניט אריינלאָזען, און פון דער צווייטער זייט, האָט דער פערביסענער רעקאַציאָנער סטישינסקי גע'טענה'ט, דאַרף מען די פוילישע דומעס שטעלען אונטער דער קאָנטראָלע פון דעם רו־

סישען טשינאָווניק, אז דער רוסישער גענעראַל־גובערנאַטאָר זאָל האָבען דאָס רעכט פון וועטאָ איבער די פוילישע דומאַס, כדי די פּאָליאַקען זאָלען ניט דערשטיקען די אידען.

מען דאַרף זיין אַ בלינדער, ניט צו פערשטעהן, אז אין פּאָליטישען קאַמפּף צווישען דמאָווסקי'ן און זשאַבאָטינסקי'ן האָט מנצח געווען... סטישינסקי. סיי די באַיקאָטיסטען סיי די אַנטי־באַיקאָטיסטען זיינען ווירקליך בלינד געווען און זיי האָבען ביידע געאַרבייט פאַר'ן טייפעל.

קעמפּפען געגען דיזער שעדליכער אַרבייט איז געווען די אויפגאַבע פון אַלע סאָציאַליסטען אין רוסלאַנד, און די אויפגאַבע האָט קלאָר פאָרמולירט וול. קאָססאָווסקי בזה הלשון (זעה „צייט" נומ. 22): „אַ פּראָלעטאַרישער וויעדערשטאַנד געגען דעם באַיקאָט, אַ וויעדערשטאַנד, וואָס זאָל זיין ברייט דורכגעפיהרט, וועט זיין די בעסטע רפואה געגען דעם אונצוטרוי פון אידישען בירגערטום אַנטקעגען דער פוילישער מאַסע". ס'איז לייכט צו פערשטעהן, אז אַ פּראָלעטאַרישער וויעדערשטאַנד אויף דער פוילישער גאַס וועט אויך זיין אַ רפואה געגען דעם אונצוטרוי פון די פוילישע אָבגעשטאַנענע מאַסען אַנטקעגען די אידען. וואָס פאַר אַ כאַראַקטער דער וויעדערשטאַנד זאָל טראָגען, איז לייכט צו פערשטעהן, און קיין שפּאַלטונג אין די רייהען פון „בונד" האָט עס ניט געקענט אַרויסרופען.

מיר האָבען שוין געזעהן דעם באַיקאָט, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, די פּויליש־אידישע בעציהונגען, אין פערשיעדענע פאָרמען. די סאָציאַליסטען קענען דאָ האָבען נור איין שטעלונג: מיר קענען זיך ניט אריינמישען אין דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, ווען אפילו זי טראָגט אַ נאַציאָנאַלע מאַסקע. מיר מוזען די מאַסקע אַרונטעררייסען. נאָך ענערגישער דאַרפען מיר די נאַציאָנאַלע מאַסקע אַרונטעררייסען, ווען זי פערבאָרגט דאָס קלאַסען־פּנים פון דער בורזשואַזיע.

אין דעם פּוילישען באַיקאָט געפינען מיר צוויי מאָמענטען, מיט וועלכע מיר וועלען זיך אויך טרעפען אין דעם פרייען רוסלאַנד: 1) דער קאַמפּף געגען סאָציאַליזם און געגען קלאַסען־קאַמפּף אין נאָמען פון די אזוי גערופענע אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען און 2) דער קאַמפּף פון דער פוילישער אינטעליגענץ געגען דער אידישער קולטור. צי אונטערשטרייכען מיר מעהר דעם ערשטען מאָמענט, ווי אייניגע חברים טהוען דאָס, צי דעם צווייטען, ווי אַנדערע חברים טהוען — דאָס האָט צו טהאָן נור מיט דער אַגיטאַציאָנס־טאַקטיק, דער קוק אויף דעם באַיקאָט איז דערזעלבער.

און דעם 8טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד" וועט שוין פיעל לייכטער זיין די טאַקטיק פראַגע צו לעזען. דער רעש ארום באַיקאָט ווערט ביסלעכווייז פערשוואונדען, ווייל ער איז קינסטליך אויפגעבלאָזען געוואָרען. די הילכיגע פּראַזע האָט זיך אָבגענוצט און איצט טרעטען שאַרפער ארויס די אינטערעסען, וועלכע האָבען די געדיכטע אַטמאָספערע אויף דעם פּויליש־אידישער גאַס געשאַפען.

העניי גרינפעלד

ווען די לעצטע שטראַהלען...

ווען די לעצטע שטראַהלען פון דעם טאָג פערגעהען,
און די אבענד־שטילקייט נעהמט די וועלט ארום,
און געהיימניספול די טיפע הימלען דונקלען,
און מיליאָנען שטערען לייכטען אויף און פונקלען,
ווי מיליאָנען אויגען ווינקען, רופען שטום,
ווי מיליאָנען בלומען, אין דעם רוים קלאָרען, —
שטיל און לאַנגזאַם דאַן ערוואַכען אין זכרון
בילדער אַלט־בעקאַנטע, טהייערע און ליעבע.

ווען די אבענד־טרוימען לאָזען זיך ארונטער
פון די ווייטע הימלען, שימערנדע און שטילע,
און צוגיסען זיך אַלץ זיסער און אַלץ מילדער, —
שטעהען אויף פאַר מיר די אַלט־בעקאַנטע בילדער
און אין הארצען וועבט זיך צאַרט אַ ליעד, אַ תפילה,
פול מיט זאַנפטער בענקשאַפט נאָך די נעכט פון גליק,
נעכט פון ליעבע גליק, וואָס וועלען שוין צוריק
קיינמאָל ניט, אָה, קיינמאָל מעהר ניט קומען...

מ. באַראַנאָוו

דער סאָציאַליזמוס אין אייראָפּאַ

(רייזע־איינדריקע)

ווען איך בין געווען אין האָללאַנד, האָט דאָרט די בורזשואַזע פּרעססע פיעל דיסקוטירט איבער דער פראַגע, צו די האָללענדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף אַן אַנטהייל נעהמען אין דעם נייעם ליבעראַלען מיניסטעריאום, וועלכען מען האָט דאַן געהאַלטען אין צוזאַמענשטעלען, אָדער ניין.

א קורצע צייט פאר דעם זיינען פּאַרגעקומען וואהלען אין האָללאַנד. אין יענע וואהלען האָט די רעגירענדע רעאַקציאָנערע פּאַרטיי ערהאַלטען א גרויסע נידערלאַגע. די ליבעראַלע האָט שטאַרק פּאַרגרעסערט די צאָהל פון איהרע דעפּוטאַטען און די סאָציאַליסטישע האָט ערוועהלט צוויי מאָל אַזוי פיעל דעפּוטאַטען, ווי אין די פריהערדיגע וואהלען. דאָס רעאַקציאָנערע מיניסטעריאום האָט, אַלזאָ, געמוזט רעזיגנירען, און די קעניגין האָט איינגעלאַדען די פיהרער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, זיי זאָלען צוזאַמענשטעלען אַ נייע רעגירונג. אָבער די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין מאַיאָריטעט אין דעם נייעם פּאַרלאַמענט. א ליבעראַלע רעגירונג האָט, אַלזאָ, געקענט עקזיסטירען נור דאַן, ווען די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען וואָלטען זי אונטערשטיצט מיט זייערע שטימען. האָבען די פיהרער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי פּאַרגעשלאַגען דער סאָציאַליסטישער דריי פּלעצער אין דעם נייעם מיניסטעריאום, אום צו קענען רעכענען אויף די סאָציאַליסטישע שטימען אין דעם פּאַרלאַמענט. האָט זיך אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ענטזאַגט דערפון. דער אויסרייד איז בודטע געווען, אַז זי (די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) האָט מורא, אַז מיט איהרע מיניסטערס זאָל ניט פּאַסירען דאָסזעלבע, וואָס האָט פּאַסירט אין פראַנקרייך מיט מיללעראַן'ן און בריאַן'ן. צו דאָס איז ווירקליך געווען דער אויסרייד, צו ניין, אַלענפאַלס איז די ליבעראַלע בורזשואַזיע פון האָללאַנד געווען זיכער ניט צופריעדען מיט דער שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די פּרעססע האָט זי שטאַרק אַטאַקירט.

נאָך דעם, ווי איך בין שוין אַרויסגעפאָהרען פון האָללאַנד, האָט דאָרט שטאַטגעפונען אַ סאָציאַליסטישער צוזאַמענפאָהר, אויף וועלכען די פראַגע וועגען אַנטהייל נעהמען אין דעם ליבעראַלען מיניסטעריאום איז אויספיהרליך דיסקוטירט געוואָרען. נאָך לאַנגע דעבאַטען איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף ניט נעהמען קיין אַנטהייל דורך איהרע פּערטרעטער אין דעם נייעם מיניסטעריאום. אָבער צו דערזעלבער צייט איז אויך בעשלאָסען געוואָרען צו אונטערשטיצען די ליבעראַלע רעגירונג, ווען זי וועט אַריינטראַגען אין דעם פּאַרלאַמענט פּראָיעקטען פון סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמעס. דאָס הייסט, אַז די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען זיינען בעאויפטראַגט געוואָרען צו שטימען געגען דער רעגירונג אין פאַל זי וועט די פאַרשפּרעכונגען, וועלכע איהר פּאַרטיי האָט געמאַכט אין דער צייט פון דער קעמפּיין, ניט וועלען אויספיהרען. דאָס האָט, נאַטירליך, געמאַכט די לאַגע פון דעם ליבעראַלען מיניסטעריאום אונזיכער, און דאַרום איז די ליבעראַלע פּרעססע ניט געווען צופריעדען מיט דעם בעשלוס פון דעם סאָציאַליסטישען קאָנגרעס.

* * *

איך צווייפעל ניט, אַז די סאָציאַליסטען פון האָללאַנד האָבען געוואוסט וואָס זיי טהוען, ווען זיי האָבען זיך ענטזאַגט אַריינצוטרעטען אין דעם ליבעראַלען מיניסטעריאום. פּונקט ווי די איטאַליענישע סאָציאַליסטען האָבען פּערשטאַנען וואָס זיי טהוען, ווען זיי האָבען אויך אַזוי געהאַנדעלט מיט אַ צייט צוריק אונטער עהנליכע אומשטענדען. אָבער קיין מענש, וועלכער איז בעקאַנט מיט די היינטיגע טענדענצען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אייראָפּאַ, צווייפעלט ניט, אַז סוף כל סוף וועלען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ענדערן זייער טאַקטיק אין דיעזער הינזיכט און וועלען אָנהויבען אַנטהייל צו נעהמען אין ליבעראַל־ אָדער ראַדיקאַל־בורזשואַזע מיניסטעריאומס. דער ביישפּיעל פון פראַנקרייך איז אייגענטליך קיין ביישפּיעל ניט. מיללעראַן און בריאַן זיינען געוואָרען מיטגליעדער פון בורזשואַזע רעגירונגען ניט ווייל די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַזוי בעשלאָסען, נאָר ווייל זיי אַליין האָבען דאָס געוואָלט. זיי האָבען איינפאַך פּערראַטהען זייער פּאַרטיי. אָבער עס איז

דאך מעגליך זיך פארצושטעלען, אז א סאציאליסטישע פארטיי זאל קענען אויסקלייבען אזעלכע מענער, וועלכע זאלען ניט ווערען קיין פעררעטהער, ווען זיי וועלען אריינטרעטען אין א בורזשואזען מיניסטעריאום. עס איז דאך מעגליך זיך פארצושטעלען, אז א סאציאליסטישע פארטיי זאל קענען קאנטראלירען איהרע פארשטעהער אין א בורזשואזעם מיניסטעריאום. און יעדער וועט דאך צוגעבען, אז א סאציאליסטישער מיניסטער פון ארבייט, צום ביישפיעל, קען מעהר אויפטהאן פאר די ארבייטער, ווי אפילו אן ארענטליכער בורזשואזער ליבעראל אויף דעמזעלבען פלאטץ. ווען מען האט מורא פאר קארופציאן, דארף מען דאך אפילו אין פארלאמענט ניט זיין און אין פארלאמענטארישע וואהלען קיין אנטהייל ניט נעהמען. און ווען מען גלויבט אין דער גרויסער וויכטיגקייט פון פאליטישער אקציאן און מען איז איבערצייגט, אז אן ערנסטער סאציאליסט קען פארבלייבען אן ערנסטער סאציאליסט אויף וואס פאר א פלאטץ איהר זאלט איהם ניט אוועקזעצען, איז ניטא קיין שום גרונד פאר וואס אן ערנסטער סאציאליסט, וועלכען מען קען פערטרויען א פלאטץ אין א בורזשואזען פארלאמענט, זאל מען אויך ניט קענען פערטרויען א פלאטץ אין א ראדיקאל־בורזשואזען מיניסטעריאום. דא האנדעלט זיך דאך ניט וועגען א פרינציפ, נאר וועגען א טאקטיק. דאס איז דאך ניט קיין פרינציפיעלע פראגע, נאר א ריין טאקטישע. דער וויסענשאפטליכער סאציאליזמוס פארביט ניט, אז א סאציאליסטישע פארטיי זאל האבען איהרע פערטרעטער אין א בורזשואזער רעגיערונג. און ניט צו האנדלען אזוי בלויז דערפאר, וואס ביז אהער האט מען עס נאך קיין מאל ניט געטהאן, — דאס איז איינפאך לעכערליך. סאציאליסטישע פארטייען טהוען יעצט פיעלע זאכען, וועלכע עס וואלט זיי מיט א יאהר צוואנציג צוריק אפילו ניט איינגעפאלען צו טהון. זיי טהוען דאס און זיי פארבלייבען פון דעסטוועגען אזוי גוט און ריין, דאס ווען קארל מארקס וואלט אויפגעשטאנען פון זיין קבר און וואלט א קוק געטהאן אויף זיי, וואלט ער גאר ניט געהאט וואס אויסצוזעצען געגען זיי. אזוי לאנג ווי זיי האלטען זיך אן דעם קלאססען־קאמפף און לאזען ניט ארויס פון אויג דעם ענדציעל — די סאציאליסטישע ארדנונג, זיינען זיי אזוי גוט, ווי זיי דארפען און קענען זיין.

* * *

איהר ווייסט וואס איך האב ענטדעקט אין אייראפא ? אז פרומע סאציאליסטען, אזוי ווי מען פערשטעהט דאס ביי אונז, געפינט מען בלויז אין אמעריקא און רוסלאנד. אין רוסלאנד זיינען די סאציאליסטען חסידים, ווייל זיי האבען ניט די מינדעסטע געלעגענהייט צו זינדיגען, ריכטיגער — צו טהון עפעס. און אין אמעריקא האבען די סאציאליסטען מורא פאר זייער אייגענעם שאטען, ערשטענס דערפאר, וואס זיי זיינען נאך צו יונג, און צווייטענס דערפאר, וואס זיי זיינען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט אזא בלאטע פון פאליטישער קארופציאן, דאס די מינדעסטע בעוועגונג שטעלט זיי אין געפאהר פון דעם קאפ ביז די פיס פארשמוצט צו ווערען. אויסער דעם, גלויבט מען ניט ביי אונז אין די סאציאליסטישע פיהרערס, ווייל מיר קענען די מייסטע פון זיי בלויז פון נעכטען. און מיר קענען זיך ניט פערלאזען אויף די פראסטע סאלדאטען אין אונזערע רייהען, ווייל מיר האבען בלויז מיט צוואנציג מינוט צוריק זייער בעקאנטשאפט געמאכט, זא צו זאגען . . .

איהר ווייסט וואס איך האב ענטדעקט אין אייראפא ? אז אלע סאציאליסטישע פארטייען זיינען דארט אפארטוניסטישע. דא רופט מען זיי פראקטישע, אבער ביי אונז וואלט מען זיי מיט שוים אויף די ליפען גערופען אפארטוניסטישע. זיי זיינען דאס און זיי שעמען זיך גאר ניט דערמיט. אפילו דער גרויסער בעבעל איז געוועזען אן אפארטוניסט. זיי זיינען ניט קיין רעוויזיאניסטען, ווייל זיי האלטען זיך פעסט אן דעם קלאסען־קאמפף און לאזען אויף קיין מינוט ניט ארויס פון אויג אונזער ענדציעל — די סאציאליסטישע ארדנונג. אבער זיי שטרעבען אפען צו רעפארמען, — אזעלכע רעפארמען, וועלכע זאלען פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער שוין אין דער היינטיגער ארדנונג, און וועלכע זאלען צו דערזעלבער צייט אפראמען און לייכטער מאכען זייער וועג צו א בעסערער ארדנונג. איך האב בייגעוואהנט א פארלאמענטארישען קעמפיין אין דער שטאדט ציוריך (שווייץ) און האב זעהר זעלטען באגעגענט די ווערטער : סאציאליזמוס, מארקסיזמוס און ד. ג. אין דער דארטיגער סאציאליסטישער פרעססע. מען האט גערעדט פון נויטיגע רעפארמען, מען האט גערופען די ארבייטער צו אונטערשטיצען זייער פארטיי, צו שטימען לויט זייערע קלאסען־אינטערעסען. אבער קיינעם איז ניט איינגעפאלען צו אונטערשטיצען זיינע ארגומענטען מיט לאנגע ציטאטען פון קארל מארקס'ן. קיינער האט ניט גערעדט אזוי, אז זיינע צוהערער זאלען קריגען קאפ־ווייטאג. קיינער האט ניט געשריעבען אזוי, דאס זיינע לעזער זאלען פארגעסען אויף וואס פאר א וועלט זיי זיינען. און מען האט אויך ניט געשאסען מיט הויכע פראזען, ניט פערשפראכען קיין געבראטענע קאטשקעס אויף דעם אנדערן טאג נאך די וואהלען און ניט גע־

שימפּפט די בורזשואַזע קאַנדידאַטען. און דאָך צווייפעלט ניט קיין מענש אין איירָאָפּא, אַז די שווייצארישע גענאָסען זיינען אויסגעצייכענטע סאָציאַליסטען.

דאַרפען מיר, אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען, שטאָלצירען מיט אונזער פרומקייט אָדער מיר מעגען זיך שוין שעמען ? דאַרפען מיר פּאָרטזעצען צו פּאַרגעטטערן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון איירָאָפּא אָדער מיר דאַרפען זיי שוין אָנהויבען צו קריטיקירען ?

פּ. ס. אום אויסצומיידען מיספערשטענדניסע, מוז איך ערקלערען, אַז אונטער אַ פּראַקטישער (אָדער אָפּאָרטוניסטישער, ווי מען רופט עס ביי אונז) טאַקטיק פאַרשטעהט קיינער ניט אין איירָאָפּא אַזאַ טאַקטיק, וואָס זאָל ערלויבען אַ סאָציאַליסטישע פארטיי צו פעראייניגען זיך מיט אַ בורזשואַזער פּאַרטיי אפּילו אויף אַ קורצער צייט פון איין קעמפּיין, אָדער וואָס זאָל ערלויבען אַ סאָציאַליסט צו „לויפען“ אויף דעם „טיקעט“ פון אַ ראַדיקאַל־בורזשואַזער פּאַרטיי. דאָס ערשטע וואָלט ניט נור ווידערשפּראָכען דעם גאַנצען גייסט פון דעם מאַרקסיזמוס, נאָר עס וואָלט נאָך דערצו געווען זעהר ניט פּראַקטיש. און געגען דאָס צווייטע וואָלט שטאַרק פּראָטעסטירט אפילו דער פאָטער פון רעוויזיאָניזמוס עדוואַרד בערנשטיין. דאָס ערשטע וואָלט בעדייטעט, אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מעג אין נאָמען פון פּראַקטישקייט באַגעהן זעלבסטמאָרד. און דאָס צווייטע וואָלט געגעבען די מעגליכקייט יעדען פּאָליטישען צו מאַכען זיך אַ קאַריערע אויף דער רעכנונג פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

די רייזע־איינדריקע פון גענ. באַראַנאָוו האָבען מיר ערהאַלטען מיט איניגע מאָנאַטען צוריק. צוליעב טעכנישע אורזאַכען האָט אָבער דער אַרטיקעל, וואָס איז זיי ווי סיי געווען פערשפּעטיגט, ביז איצט ניט געקענט ערשיינען. יעדענפאַלס די טעמאַ איז אימער אינטערעסאַנט, באַטש די טענה פון גענ. באַראַנאָוו צו די איירָאָפּעאישע סאָציאַליסטען איז ניט גאָר קיין גערעכטע. די פראַגע איז ניט אין דער פּערזאָן פון סאָציאַליסטישען מיניסטער, נור אין אַלגעמיין צי די סאָציאַליסט. פּאַרטיי קען זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די האַנדלונגען פון אַ קאַפּיטאַליסטישער רעגיערונג. רעדאַקציאָן.

סאָל ראַסקין

פּראָלעטאַריער־קונסט

(צו דער אויסשטעלונג פון קאָנסטאַנטין מעניע׳ס ווערק אין ניו־יאָרק)

אין דער געביידע פון קאָלאָמביאַ יוניווערסיטי, אין דער געגענד פון ריווערסייד־דרייוו, וואו די רייכע בורזשואַזיע, „די בעלי בתים פון לעבען“ וואוינען, האָבען זיך בעוויזען די „בראָנזענע פּראָלעטאַריער“ פון דעם בעלגישען סקולפּטאָר קאָנסטאַנטין מעניע. דריי וואָכען איז די אויסשטעלונג געווען אָפען און אויף די בראָנזענע ארבייטער האָבען טעגליך געקוקט טויזענדער אויגען פון עלעגאַנטע ליידיעס מיט זייערע בעגלייטער, געקוקט מיט נייגעריגקייט און אינערען אונרוה. פאַר זיי איז געשטאַנען אין שוואַרצען בראָנז די עכטע קונסט פון יענעם קלאַס מענשען, וואָס שטעהען אין גרויזאַמען קאַמפּף מיט זיי, אַ קונסט, וואָס זאָגט קלאָר ווער דער זיעגער וועט זיין אין דיזען בלוטיגען שטרייט.

ביים ערשטען קוק דוכט זיך, אַז די עלעגאַנטע לייט פון ריווערסייד דרייוו האָבען קיין אורזאַכע ניט געהאַט צו זיין אונרוהיג איבער מעניע׳ס קונסט. פאַר זיי זיינען געשטאַנען לעבענספולע געשטאַלטען, מיט ברייטע רוקענס, אייזערנע ברוסטען, אָפענע, עהרליכע פּנימ׳ער, מענשען גאַנצע, ארבייטסלוסטיגע, רוהיג־געדולדיגע, זעהר וועניג סטאַטועןן פון געבראָכענע געמיטער, און אויך דיזע זיינען פאָרגעשטעלט אין פּאָזען פון ריהרענדער ענטזאַגונג. דאָ איז ניט געווען צו זעהן קיין שטאַרקע בעוועגונג פון פּראָטעסט, גאָר נישט, וואָס שרייט וועגען שרעקליכע אונגערעכטיגקייט, אפּעלירט צום געוויסען. אַלץ שטילע, גוטע, געדולדיגע מענשען, וואָס וועלען, דאַכט זיך, ווייטער טראָגען די לאַסט פון דער וועלט ווי ביז יעצט.

דאַכט זיך, ניט געווען פון וואָס צו ווערען אונרוהיג ! ? די עלעגאַנטע לייט פון ריווערסייד דרייוו האָבען אין זייער מיטע סאַלאָן־סאָציאַליסטען, — אָדער גלאַט אידעאַליסטען, וועלכע האָבען גענומען פיהלען זיך שולדיג פאַר זייער עקזיסטענץ, אַלס פּאַראַזיטען. פון דיעזע אידעאַליסטען קומט זיי אָפט אויס צו הערען וועגען ארבייטער צרות, ארבייטער־קעמפּפע, געשילדערט אין די שרעקליכ־

ערשטער בארעליעף פון „מאָנומענט“—„ביים האַפען“

„האַפען־ארבייטער“

סטע פארבען. פארשווארצטע, אונגליקליכע באַ־
שעפענישען זיינען די קעמפפענדע אַרבייטער
מיט אַ האַרץ פול האַס, ראכע־דורשט און גרים־
צאָרן. דער צוועק איז ארויסצורופען מיטלייד
און מורא. און די אַרבייטער פון קאָנסטאַנטין
מעניע האָבען דיזע „עלעגאנטע לייט“ געדאַרפט
אנגענעהם בערוהיגען . . . און דאָך . . .

זיי האָבען דאָ געדאַרפט פיהלען אַ גרויסען
אמת אויסגעדריקט, אַ גרויסען און פאַר זיי אַ
שרעקליכען. מעניעס פראָלעטאַריער איז קיין
צוטראָטענער וואָרעם אונטער'ן קנאַפעל פון קאַ־
פיטאַל. ער איז דער פעסטשטעהענדער אַרביי־
טער, וואָס טראָגט אויף די פּלייצעס די לאַסט
פון דער וועלט, טראָגט און בעט ביי קיינעם קיין
מיטלייד, קיין גוט וואָרט. ער טראָגט רוהיג די
לאַסט פון דער וועלט, ווייל ער האָט
אין זיך דעם בעוואוסטזיין,
אַז דיעזע וועלט איז זיינע—
אויב ניט היינט איז מאָרגען.

דאָס איז קאָנסטאַנטין מעניע'ס סאָציאַ־
ליסטישע קונסט. ער האָט קיין וועה־געשריי
דורך זיין קונסט אַרויסגעלאָזט. ניין. שטרענג־
ערנסטע גבורים מיט אַרעמ'ס שטאַרקער פאַר
די האַמערס וואָס זיי האַלטען, שמידען זיי די
צוקונפט פאַר זיך.

דער אַרבייטער איז דאָ קיין אונגליקליכע,
מיזעראַבלע באַשעפעניש, אויך ניט קיין שעהן־
עדלער, הייליגער מלאך גבריאל, ווי מען מאָלט
איהם, ווען מען וויל איהם אידעאַליזירען. ער
איז ביי מעניע קיין פראַזע און קיין פאַנטאַזיע,
ער איז אַ רעאַלע ערשיינונג, אַזוי בולט, אַזוי

דער צווייטער בארעליעף פון „מאָנומענט“ — „אין פעלד“

„פעלד־ארבייטער“

איבערצייגענד, אז פערטרייבען איהם פון לעבען איז אונמעגליך. פערקעהרט — ער וועט פערטרייבען אלעס, וואָס געהערט ניט צום לעבען.

ניין, קאָנסטאַנטין מעניע האָט קיין וועהגעשריי ארויסגעלאָזט. ער האָט א הימן דער ארבייט געזונגען, א מאָנומענט געשטעלט דעם ארבייטער׳ס קראפט און דעם ארבייטער׳ס ווילען.

ווען מיר זאָגען א מאָנומענט, מיינען מיר עס אין א דאָפּעלטען זין. ערשטענס אין אלעגאָרישען זין—אויף דעם שטייגער ווי זשאן פראנסאָא מיללע האָט פערהערליכט די ערד־ארבייט און, צווייטענס, אין ווירקליכען זין. דער ווירקליכער מאָנומענט שטעהט אין בעלגיען אין דער שטאָדט לאוווען. ס׳איז א מעכטיגער פיערעקיגער, שטיינערנער מאָנומענט, וואָס שטעהט אויף א שטיינערנעם, טעראסענארטיגען פיעדעסטאל. גאָר אויבען ערהויבט זיך א גרויסע פיגור פון אן ערד־ארבייטער, א זעער, עהנליך צו דעם בעריהמטען „זעער“ פון מיללע. אויף די פיער זייטען פון דעם מאָנומענט געפינען זיך גרויסע בארעליעפען, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אינדוסטריע, ערד־ארבייט, האפען־ארבייט און מינען־ארבייט. יעדער פון זיי א וואונדער פון בארעליעף־קונסט. בעטראכט דעם בארעליעף „א י נ ד ו ס ט ר י“.

די סצענע שטעלט פאָר די ארבייט אין א גלאָז פאבריק. אויף דעם פאָן פון א געדיכטען רויך טיילט זיך אויס א גרופע ארבייטער. מען בעוועגט די ראָד מיט א לאנגען שטאנג. אָנגעשטרענגטע מוסקולען, געשטאלטען כמעט נאַקעטע, פערטהאָן מיט טיעפען ערנסט אין דער ארבייט. איינער זיצט אויף דעם שטאנג, כדי מיט דער שווערקייט פון זיין קערפער צו העלפען בעוועגען דעם ראָד... זיין פנים איז עפּעס מאָדנע געדאנקען־לאָז, און מערקווירדיג איז די האלטונג פון זיין גאנצען קערפער.

דער דריטער בארעליעף פון „מאָנומענט — אינדוסטריע“

וווירקליך, א פּנים און א קערפּער פון איינעם, וועלכער קען נור מיט דער שווערקייט פון זיין גוף העלפען דער ארבייט... קונסטרייך זיינען פערטיילט די פיגורען, ארויסגעבראכט דער עפעקט פון „נעהענטער“ און „ווייטער“ און דאָס אַלין אויף א פלאַכען שטיין־טאָוועל.

מיר קענען לײדער זיך דאָ ניט אָבשטעלען לענגער אויף מעניע׳ס טעכניק און אייגענארטיגע מאַנערען.

זעהט דעם צווייטען בארעליעף. מען קלייבט פון פעלד די תבואה. הויכע זאנגען, העכער פון די מענשען. ס׳פיהלט זיך, די זומער־זון ברענט. מען ארבייט. האַלב נאַקעטע מוסקולעזע קערפּערס באָדען זיך אין זאנגען און זונענליכט... א יוגענדליכע פרויען־געשטאַלט בינדט צונויף א גאַרב, הינטער איהר א קאָפּ פון א קוה. אַרבייט, פריעדען און זונען־שיין...

דער דריטער בארעליעף — די האַפען־אַרבייט. מענשען טראָגען זעק, קאסטענס, קייקלען פעסער; מען לאדט אויס וואַרע פון שיפען, אָדער מען לאָדט זיי אָן. ווידער מענשען־גיגאַנטען, ריעזיגע אנשטרענגונג, גרויסער ערנסט ביי דער אַרבייט. און, צולעצט, דער פיערטער און בעסטער בארעליעף — די מינע, די מיינער־אַרבייט, זיין ליעבלינג׳ס טהעמאַ. עס דוכט זיך,

„דער שמיעד“



„מינען־ארבייטער“

דער פערטער באַרעליעף פון „מאָנומענט“ — „אין דער מינע“

אז איהר געפינט זיך אונטער דער ערד מיט די אַרבייטער אין איינעם; איהר פיהלט דעם פייכטען ערד־גערוך און געשטיקטע לופט... איהר פיהלט דעם שוויים פון די גבורים־קערפּערס — האַלב נאַקעטע, מיט קלייניצקע היטעלעך אויף די קעפּ, א שוץ געגען די שאַרפע עקען פון שטיינער. פינסטערע אַרבייט, גרויסע און ניצליכע...

דאָס זיינען די פיער זייטען פון מאָנומענט. ווייטער, אויף יעדען פון די פיער עקען זיצען פיגורען פון אַרבייטער, און אביסעל ניעדעריגער אויף דער צווייטער טרעפּ זיצט די פיגור „מוטערשאַפט“ — א פרויען געשטאַלט, פול קראַפט און זאַפט, פול מוטערליעבע און גליק. אויף איין האַנד האַלט זי א קינד און זויגט עס פון איהר פולער ברוסט; א צווייטעס קינד, א גרעסערעס, שטעהט ביי איהר זייט. ס'איז א בילד פון דער נאַטור אליין, וועלכע קען ניט רייכער און ליעבפולער זיין, ווי דיעזע אַרבייטער־פרוי אויף דעם מאָנומענט.

יעדע פיגור, יעדע ברעקעל פון דיזען מאָנומענט זיינען דאָ, אין ניו יאָרק, געווען צו זעהען. און ניט נור דאָס, ס'איז געווען אַלעס, וואָס דיזער אונגעוועהנליכער קינסטלער האָט אויפגעטהאָן פאַר זיין לאַנגען, אַרבייטזאַמען לעבען. הונדערטע אַרבייטער־געשטאַלטען: שטיין־שניידער, האָלץ־האַקער, גלאָזאַרבייטער, שטאָהל־גיסער, האַמערער, שניטער, מיינער, פרויען און מענער. וואונדערבאַרע שאַכטען־מיידלעך, אַרבייטערינס! די שאַכט־מיידעל

זיינע איז אַזאַ ליעבע, דרייסטע, מוטיגע, געשטאַלט. עפּעס גאָר א נייע פרוי, אפשר די צוקונפטיגע פרוי, פול נייעם חן און צויבער! אַרבייטער ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען, ביי דער אַרבייט, אָנגעשטרענגט, צוריקקעהרענדיג זיך פון דער אַרבייט (זעה דעם באַרעליעף „צוריקקעהר“), אַרבייטער רוהענדיג... אַלץ אַרבייטער, נור אַרבייטער; אפילו דער „קריסטוס קאָפּ“ איז ביי איהם אַן אַרבייטער־קאָפּ. פלוצלונג ווערט אייך קלאָר, אז ניט הונדערטע אַרבייטער האָט מעניע געשאַפען, נור איין גרויסען אַרבייטער און פערבראַכט האָט ער אויף איהם זיין גאַנצען לעבען, געליעבט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין נשמה, אז קיין אַנדער ליעבע האָט ער ניט געוואוסט און ניט געזוכט! ס׳איז א גרויסע ליידענשאַפט, פול מיט פאַטהאָס...





קאָנסטאַנטין מעניע (אויבען) און זיין „מאָנומענט דער אַרבייט“

אליין געבוירען ביי אָרעמע עלטערען, איינער פון זעקס קינדער, וואָס זיינען פריהער געבליעבען אָהן א פאָטער און אָהן מיטלען, האָט ער, א שוואַך קינד, אָנגעהויבען פריה דעם קאַמפּף פון עקזיסטענץ. געאַרבייט שווערע, גראָבע אַרבייט, און ווען ער האָט שוין געקענט פערנעהמען אַלס קונסט־לעהרער א בעדייטענדע שטעלע, האָט ער זיך אָבגעזאָגט און האָט זיך בעזעצט צווישען אַרבייטער, פעראורטיילט זיך און זיין פאַמיליע צו נויט און דחקות און האָט זיך געווידמעט דער גרויסער אויפגאַבע: דערהויבען די אַ ר ב י י ט צו שעהנקייט, צו הערָאָיזם, אריינפיהרען די אַרבייט אין דער מלוכה פון קונסט, אָדער ווי ס׳איז שעהנער געזאָגט געוואָרען: ע ר ה ו י ב ע ן ד י ק ו נ ס ט צ ו ם אַ ר ב י י ט ע נ ד ע ן פ אָ ל ק.

און ער האָט ווירקליך די קונסט ערהויבען, די מאַכטלאָזע, פערגליוועטע קונסט, די טרוקענע, שעהנענקע און גייסטלאָזע קונסט, וואָס האָט מעהר ניט געוואוסט צו בילדען ווי נור „מעדכענס אם ברונען“, „באָדענדעס מעדכען“, נאָך אמאָל „לעדא“ און „פּסיכעא“... מעניע און האָדען האָבען די סקולפּטור הויך דערהויבען

זיינען ניט אבסטראקטע וועזענס מיט פּנים'ער, וואָס בעלאַנגען צו קיינעם ניט און צו אלעמען צו גלייך, ווי די אבסטראקטע פּנימ'לעך אויף די „פּסיכעען" און „מעדכענס". מעניע'ס ארבייטער האָבען כאַראַקטער און קראַפט יעדער פאַר זיך, אָבער צו דערזעלבער צייט איז יעדער דורכגעדרונגען מיט עפּעס אַזאַ געפיהל פון א קאָלעקטיוו־געטהאָנענער אַרבייט, אז עס פיהלען זיך מאַסען, לעגיאָנען אין יעדען איינעם...

ווען מען רעדט וועגען פּראָלעטאַרישע קונסט, זאָגט מען, אז אַזאַ קונסט איז נאָך ניטאָ, ווייל זי קען פון קיינעם ניט בעשאַפען ווערען פאַר דעם פּראָלעטאַריער. די אידעאַליסטען פון די פערמעגליכע קלאַסען קענען דאָס ביים בעסטען ווילען ניט טהאָן פאַר זיי.



„אלטער מינען־ארבייטער" (אויבען), „צוריק פון דער ארבייט"

„יונגער מינען־ארבייטער"

פון איהר ניעדערגעפאַלענקייט. ראָדען מיט אינערע געמיטהס־בעוועגונגען, מעניע מיט קערפערליכע אַרבייט, גרויסע אַנשטרענגונגען, גרויסען ווילען, קראַפט און האָפנונג. מעניע האָט בעוויזען וואונדער — אויסצודריקען בעוועגונגען פון גרויסע מאַסען אין יעדען איינציגען מענשען. ער האָט דאָס בעוויזען ניט נור דורך עטליכע פיגורען, ווי אויף די באַרעליעפען פון אינדוסטריע, מינע און אַנדערע, ווי „צוריקקעהר פון דער אַרבייט", נור אין יעדען איינצעלען מענשען איז עפּעס אַן אָנהויב פון א צווייטען, אקוראַט ווי ער וואָלט געווען א רינגעל פון אַן אונענדליכע קייט. זיינע פיגורען

מען האָט דעם פּראָלעטאַריער געקענט געבן אַ פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַ פּראָלעטאַרישע געשיכטס־פילאָזאָפיע, אָבער קונסט, וואָס איז אַן אויסדרוק פון געמיטה, און ניט פון הוילען געדאנק, דאָס קען דאָס קינד פון די פערמעגליכע קלאַסען, ווי גוט און ערדעל עס זאָל זיין, דעם אַרבייטער ניט געבען. קונסט מוז געבוירען ווערען אין דער טיעפעניש פון דעם אַרבייטער'ס נשמה זעלבסט. מעניע'ס קונסט, די קונסט פון ריזען פאָלקס־קינד, איז אַן אָנהויב.

קאָנסטאַנטין מעניע'ס קונסט איז די ערשטע א מ ת ' ע פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר ק ו נ ס ט. קונסט אין ריכטיגען זין, ווייל ס'איז קיין ברעקעל טענדעניץ ניטאָ אין איהר, קיין שפּור פון סימבאליק, „ליטעראַטור“, קיין אנשטרענגונג עפּעס „גרויסעס“ צו זאָגען, צו גענעראַליזירען מיט אַ געוויסע אבזיכט. די אידעע איז אינערליך צונויפגעוואַקסען מיט דער פאָרם.

געשטאָרבען איז ק. מעניע אין יאָהר 1905 אין עלטער פון 74. פיער יאָהר שפּעטער נאָך זיין טויט איז זיין „מאָנומענט דער אַרבייט“, וועלכען די בעלגישע רעגיערונג האָט ניט געוואָלט אָננעהמען ביי זיין לעבען, אויפגעשטעלט געוואָרען.

מ. באַסין

דער שלאָס פון טויט

געוועזן איז עס טיעף שוין אין הערבסט אויף די בערג.
די זון האָט געהאַלטען אין זינקען ;
געפיהרט האָט א פּאַסטוך אהיים זיינע שאָף,
ווען פּלוצלונג דערזעהט ער, אזוי ווי פון שלאָף —
די שאָף זיינע שפּרינגען און הינקען.

און שווער איז געוואָרען דער וועג, אזוי שווער,
און האָט זיך אָהן ענדע געצויגען.
דאָ נידערט אין טהאָל עס אין שנעלען גאַלאָפּ,
דאָ וויעדער ארויף, באַרג ארויף, באַרג אראָפּ,
און וויעדער א באַרג פאַר די אויגען.

דער אָרעמער פּאַסטוך, ער פאַלט צו דער ערד,
א מיעדער, און ווערט איינגעשלאָפען.
און לאַנג איז ער, לאַנג דאָרט געלעגען אזוי,
ביז ס'האָט איהם א זיידע, א ווייסער, ווי שנעע,
א שלאָפענדען דאָרטען געטראָפען.

און ס'האָט איהם דער זיידע זיין קאַלט־ווייסע האַנד
געלעגט אויפ'ן קלעמענדען האַרצען :
„דו האָסט זיך פערבלאָנדזשעט, מיין אָרעמעס קינד,
שטעה אויף און נעהם טרייבען דיין סטאַדע געשווינד,
פערהילט האָט די נאַכט זי אין שוואַרצען.“

„אוי, זיידעניו, זיידעניו, וואָס קען איך איצט טהאָן,
אז ס'הינקען די שעפעלעך אַלע !
און שווער איז דער וועג, אזוי פינסטער און שווער,
און וואו זאָל איך געהן דאָ ? אהין, צי אהער ?
צי זוכען די הויז פון מיין כלה ?“

„אך, ווייז דאָך אזוי ניט, מיין אָרעמער זוהן,
דען איך וועל היינט זיין דיין בעגלייטער.
די וועגען, זיי זיינען מיר אַלע בעקאַנט“.
און מעהר האָט דער זיידע קיין וואָרט ניט דערמאָהנט,
ווי ער וואָלט געוועזען א טויטער.

„אוי, זיידעניו, זאָג מיר, וואו פיהרט יענער וועג ?“
דער זיידע — ער ענטפערט קיין וואָרט ניט.
„אוי, זיידע, וואו פיהרט יענע ליכט, וואָס דאָרט ברענט ?“
דער זיידע מאַכט שטום נור פאָראויס מיט די הענט
און שפּאַנט, דאָך ער ריהרט זיך פון אָרט ניט.

„אוי, זיידע, וואָס איז עס דאָרט ווייט פאַר א שלאָס,
— הויך שוואַרץ צווישען דונקעלע שטיינער ?
און ווער האָט עס פּלוצלונג זיין טיר אויפגעמאַכט?“
דער זיידע שפּאַנט ווייטער און שטעלט אויס דער נאַכט
די קאַלט־ווייסע יאַסליעס אָהן ציינער . . .

„אוי, זיידעניו, זאָג מיר! איך שרעק זיך פאַר דיר!“
דער זיידע — ער ענטפערט קיין וואָרט ניט.
„אוי, זיידעניו, ס'געהט אוים פאַר שרעק מיר דאָס האַרץ !“
אייז־קאַלט קוקט דער זיידע, אָט ווייס און אָט שוואַרץ,
ער שפּאַנט אַלץ און ריהרט זיך פון אָרט ניט.

„אוי זיידע !“ „אוי, קינד !“ — ענטפערט שטיל ווער דאָביי —
„אומזיסט איז, אומזיסט, אָה, דיין פרעגען . . . .“
אָט פינסטערט דער שלאָס שוין, אָט נעהמט באַלד ארום
א חושך א שוואַרצער, אייז־קאַלט און אייז־שטום...
— עס פיהרען צום שלאָס אַלע וועגען...

ל. לאַקסאַן

טאַגאָר, דער דיכטער-פילאָזאָף פון אינדיען

נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק איז דער נאָמען פון דעם אינדישען פּאָעט — ראַבינדראַנאַט טאַגאָר — געווען כמעט ווי אונבעקאַנט אין דער ליטעראַרישער וועלט. פאַריאָהרען האָט ער בעזוכט אַמעריקאַ. אין יוניווערסיטי אָוו איליינאָיז, וואו זיין זוהן שטודירט, האָט ער געלעקטשורט. ער האָט אויך געלעקטשורט אין האַרוואַרד יוניווערסיטי. אָבער נור יחידי סגולה האָבען געוואוסט פון איהם. מען האָט וועגען איהם וועניג וואָס געהערט. ער איז שטיל געקומען און איז שטיל אַוועקגעפאָהרען.

און ערשט צום ענד פון פערגאַנגענעם יאָהר, ווען ער איז בעלוינט געוואָרען פאַר זיינע ווערק פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע מיט דער נאָבעל-פּרעמיע, איז ער געוואָרען וועלט-בעריהמט. מען הערט ניט אויף וועגען איהם צו ריידען, צו שרייבען אין אַלע צייטונגען און זשורנאַלען פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ.

די שוועדישע אַקאַדעמיע טהיילט אויס די נאָבעל-פּרעמיע יעהרליך פאַר געוויסע פערדיענסטען אין דער וויסענשאַפט און ליטעראַטור. דערביי נעהמט מען מעהר אין בעטראַכט די אידעאַליסטישע זייט פון ווערק, איידער זייער קינסטלערישע ווערטה. די אידעען פון דעם פּראָפעסאָר שפּיעלען דאָ די הויפּט ראָלע. ווי עס ווייזט אויס, איז אַזוי אויך געווען אין דיעזען פאַל.

טאַגאָר איז א פולבלוטיגער אינדיער, א קינד פון די אַזיאַטישע ראַסען, וועלכע זיינען אַזוי פעראַכטעט פון די ווייסע ראַסען פון דעם מערב. און אָט דיזען אַזיאַט האָט דאָס די שוועדישע אַקאַדעמיע אויסגעצייכענט צווישען אַלע קינסטלער פון דער וועלט און געשענקט איהם די נאָבעל פּרעמיע פאַר ליטעראַטור. וואָס וועלען איצט זאָגען די אַזיאַטען-האַסער? דיזע בעעהרונג האָט מעהר בעריהמט געמאַכט זיין נאָמען, איידער זיינע ווערק. אַלענפאַלס איז ער א דיכטער און א דענקער, וואָס איז העכסט אינטערעסאַנט אפילו פאַר די מערב מענשען, אפילו אין דער וועלט פון דאַמפּף, עלעקטריציטעט און עראָ-פּליינס. עפּעס מילדעס און זאַנפטעס וועהט פון זיין פּאָעזיע. זי ווירקט אויף די צוטרייסעלטע נערווען פון דעם פערהאַוועטען אייראָפּעער, ווי א רוהיג, שעהן געציערט צימערל נאָך א שווערען אַרבייטס-טאָג.

* * *

ראַבינדראַנאַט טאַגאָר איז א דיכטער, א פילאָזאָף, א היסטאָרישער פאָרשער, א קאָמפּאָזיטאָר, א פּעדאַגאָג און א גייסטיגער פיהרער פון זיין פאָלק. ער שטאַמט פון א גאַנץ אַלטער אַריסטאָקראַטישער אינדישער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט אין משך פון א סך דורות אויף אַלע געביטען פון פילאָזאָפיע, קונסט, ליטעראַטור און פּאָליטיק. טאַגאָר'ס פאָטער איז געווען א געטליכער מאַן, א גייסטיגער ריעז אין אינדיען. דער יונגער טאַגאָר איז ערצויגען געוואָרען אין א מיסטיש-רעליגיעזער סביבה, צווישען באַמבו-בוימער, אונטער די גלוטיגע מזרח-הימלען, אין שכנות מיט גאָט.

„בעת איך בין נאָך געווען א קינד — שרייבט טאַגאָר אין איין אָרט — איז שוין מיין נשמה פול געווען מיט א זאָנדערבאַרע ענטציקונג, דערהויפּט אין די פריהמאָרגענס. פאַר מיר איז שוין דעמאָלט די גאַנצע וועלט פול געווען מיט סודות. יעדען טאָג האָב איך געגראָבען די ערד מיט א באַמבו-שטעקען, זוכענדיג דאָרט איינעם פון די סודות. די שאָטענס פון די בוימער, די בעוועגונגען פון מענשען, די טייכלעך, די בליהונגען, די שטילע ווינטלעך — אַלין האָט פול געמאַכט מיין קינדערשע נשמה מיט א יראת הכבוד, איך האָב געשפּירט שטענדיג ארום זיך א וועזען, וואָס נעהמט אָן אַזוי פיעל פאָרמען, כדי איך זאָל האָבען חברים, מיט וועמען צו לעבען אין אחדות.

נאָכדעם ווי דער יונגער טאַגאָר איז שוין געווען גוט בעהאַוועגט אין דער מיסטיש-רעליגיעזער ליטעראַטור, האָט ער אָנגעהויבען לערנען ענגליש און וועלטליכע לימודים. אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך ערצויגען אונטער צוויי השפּעות: די השפּעה פון מזרח און די השפּעה פון מערב. ער שרייבט זיינע שירים אין סאַנסקריט. איבערזעצט זיי אַליין אין ענגליש און פערפאַסט צו זיי מעלאָדיען.

אין אינדיען איז טאַגאָר שוין לאַנג בעריהמט. די אינדיער רופען אונזער היינטיגע צייט „די ראַבינדראַנאַט-עפּאָכע“, אויפ'ן נאָמען פון זייער דיכטער. מיליאָנען ערד-אַרבייטער

אין אינדיען און בירמא זינגען טאַגאָר'ס לידער. ער איז א נאַציאָנאַלער דיכטער, אין זיינע לידער שפּיגעלט זיך אָב דאָס גאַנצע לעבען פון אינדישען פאָלק, די גאַנצע אינדישע ציוויליזאַציע. אין דער אייגענער צייט איז ער אָבער אַלגעמיין־מענשליך, זיין פּאָעזיע איז טיילווייז אויך פערשטענדליך פאַר אייראָפּעער.



ראַבינדראַנאַט טאַגאָר. סקולפּטור פון דזש. דייווידסאָן

טאַגאָר איז א דיכטער פון גאָטהייט און לעבען, פון ליעבע און פרייד, וואָס דער מענש קאָן נור משיג זיין, בעת ער פערטיעפט זיך אין דעם סוד פון וועלט־אַל. טאַגאָר איז א מיסטישער רעאַליסט — ער פערגעטערט די ווירקליכקייט. „גאָט איז אין אַלץ און אַלץ איז אין גאָט". אין זיין פילאָזאָפיש ווערק **The Realization of Life** שרייבט ער: „איך קניה פאַר גאָט נאָך אמאָל און נאָך אמאָל, וועלכער איז אין פייער און אין וואסער, וועלכער דרינגט אריין אין אַלץ, וועלכער איז אין יעהרליכען תבואה־שניט און אין די אייביגע בוימער. ניט נור קאָן מען גאָט זעהן אין אַלץ, מען קאָן איהם דיענען אין אַלץ, אין אַלע גע־גענשטאַנדען פון דער וועלט".

טאַגאָר קוקט נישט אויף דער וועלט פון דעם שטאַנדפּונקט פון „גוט" און „שלעכט". די וועלט — זאָגט ער — איז פול מיט האַר־מאָניע, ווי די האַרמאָניע צווישען אונזערע ביי־דע אויגען, וואָס ארבייטען אין אחדות, ווי די האַרמאָניע צווישען די קלאַווישען פון א פיאַנאָ. ער באַזינגט דעם טויט מיט דעה איי־גענער רוהיגקייט, ווי ער באַזינגט דאָס לעבען. טאַגאָר — שרייבט א אינדיער — איז דער ערשטער פון אונזערע הייליגע, וואָס האָט זיך ניט נור ניט אָבגעזאָגט פון'ם לעבען, נור ער באַזינגט דאָס לעבען מיט אַלע זיינע פריידען.

דער הייליגער בערנאַרד האָט ארויפגע־לעגט די הענד אויף די אויגען, כדי נישט צו זעהן די ענטציקענדע שעהנקייטען פון די שוויי־צאַרישע אָזערעס. ער איז אַוועק צווישען די נאַקעטע, בייזע און קאַלטע פעלזען־בערג, וואו עס רוהט אן אייביגער שנעע, כדי בעסער זיך צוצוגרייטען צום טויט. אַט אזוי שטאַרבט אן אמת'ער הייליגער נזיר. אין אַנאַטאָל פראַנס'ס בוך „טאאיס" ווערט דערצעהלט, ווי עס שטאַרבט א פילאָזאָף:

„ער האָט זיך פערטראַכט אויף א ווייל, דערנאָך ווידער גערעדט מיט גרויס שמחה.

— רייס זיך אָב פון לעבען, עוודיק, ווי א צייטיגע פרוכט, וועלכע פערלאָזענדיג דאַנקט דעם בוים, בעת זי פערלאָזט איהם, — דעם בוים, וואָס האָט זי געטראָגען, און בענשט די ערד, וואָס האָט זי געזעטיגט!

און אזוי ריידענדיג האָט ער ארויסגענו־מען פון אונטער זיין קלייד דעם בעהאַלטענעם קינזשאַל און אריינגעשטאָכען זיך אין ברוסט.

ניקיאַס האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ — עוודיק איז שוין ניטאָ — דאָס האָט ער געזאָגט — ער האָט געוואָלט שטאַרבען, פּונקט ווי אַנדערע ווילען לעבען. און אַט איצט איז ער געגליכען צו די געטער, וואָס ווילען גאָרנישט..."

יעדער מענש איז מחויב צו זיין א שטאָ־קעל פילאָזאָף און דאַרף זיין גרייט יעדע רגע אוועקגעהן שטאַרבען. ווי א פרייער דאַרף ער קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען.

אַט אזוי קוקט אויפ'ן טויט ראבינדראנאט טאַגאָר.

„איך האָב גענומען מיין אורלויב, ברידער, ווינשט מיר א גליקליכען וועג. א גרוס אייך אַלעמען. איך געה אַוועק. אַט האָט איהר די שליסלען פון מיינע טהירען. איך זאָג מיך אָב פון דעם, וואָס איך האָב אָנגערופען מיינס. איך בעט אייך נאָר מיר זאָגען עטליכע פריינד־ליכע ווערטער. לאַנג זיינען מיר געוועזען שכנים

און איך האָב פון אייך בעקומען פיעל מעהר, וויפיעל איך האָב אייך געקאָנט געבען. דער באגינען קומט שוין אָן און די לאָמפ, וואָס האָט בעלויכטען מיין דונקעלען ווינקעל, האָט שוין אויסגעברענט. איך הער מ׳רופט און בין גרייט אין וועג“.

אין אן אַנדער אָרט שרייבט ער:

„די וועלט איז פאָלקאָמען; וועגען דעם ווייס די נאַטור בעסער פון די געטער. בעת די וועלט איז נאָך יונג געוועזן און בעת די שטערן האָבען אין זייער ערשטער פראַכט געשיינט, האָבען די געטער אויף די הימלען זיך פערזאַמעלט און האָבען שירה געזונגען: אַלץ איז פאָלקאָמען! אין אונזער שמחה איז קיין טראָפען צער נישטאָ! פלוצלונג האָט איינער פון די געטער אויסגעשריען: זעהט, אין דער קייט פון די שטערן פעהלט א רינגעלע. איין שטערן איז פערלוירען געגאַנגען. און די גאָלדענע סטרונעס אין די הענד פון די געטער האָבען אויפגעהערט ציטערן; דער געזאַנג האָט פלוצלונג אויפגעהערט און די הימעלשע איינוואָהנער האָבען געשריען מיט ביטערקייט: אמת! איין שטערן איז פערלוירען געגאַנגען, דער גרעסטער שטערן. דער דאָזיגער שטערן איז געוועזן דער גרעסטער שטאָלץ פון די הימלען! און פון יענעם טאָג אָן זוכען די געטער דעם פערלוירענעם שטערן. זיי זיפצען און הערען נישט אויף צו ריידען, אז מיט דעם דאָזיגען שטערן האָט די וועלט איהר איינציגע פרייד פערלוירען. אָבער בעת די נאַכט קומט אָן, הויבען אָן די שטערן שמייכלען און מורמלען איינער צום צווייטען: אומזיסט די זוכענישען! איבעראַל איז א גאַנצע קייט פון פאָלשטענדיגקייט“.

אויף אַלע געזאַנגען און מעשה׳לעך פון ראבינדראנאט טאַגאָר רוהט דער מיסטיש־רעליגיעזער גייסט פון מזרח מיט׳ן גאַנצען צויבער פון די פראַכטפאָלע מזרח־לעגענדען וועגען הימעלשע וועלטען, וועגען א לעבען נאָכ׳ן טויט.

„דאָס וואָס פיהרט אונז אוועק פון לעבען — שרייבט ער — איז ניט קיין שרעק־בילד, נור א גוטער פריינד, וואָס וויל אונז אוועקפיהרען אין א וועלט פון עונג רוחני“.

„מיר דאַרפען היינט צוזאַמען אוועקשווימען אין א שיפעל — זאָגט דער דיכטער צום טויט — און קיינער אין דער וועלט וועט נישט וויסען ניט וועגען אונזער שווימען, ניט וועגען דעם לאַנד, וואוהין מיר וועלען זיך פערקלייבען. און איצט, בעת איך זעה דיין שטילען שמייכעל, וואָס זאָגט מיר וועגען ענד־לאָזען אָקעאַן, וויל איך מיין לעצטע שירה זאָגען, א פרייע שירה, פריי, ווי די כוואַליעס זיינען, א שירה, וואָס איז ניט אין ווערטער געשמידט. איז נאָך ניט צייט אָבצופאָהרען? איז נאָך פאַרהאַן ארבייט צו טהאָן? טהו נור א בליק. די אבענד־שאָטענס פויזען שוין ארום אויף די זאַמדיגע ברעגען. די וואַסער־פויגלען זיינען שוין אין זייערע נעסטען אנשוויגען געוואָרען“.

טאַגאָר זאָגט ניט, אז דאָס לעבען איז א יאָמער־טהאָל און דער טויט איז דער ערלויזער. פאַר איהם איז די וועלט פאָלשטענדיג שעהן, פול מיט האַרמאָניע, יעדע לעבענס־ערשיינונג איז א שטיק גאָטהייט, וואָס מאַכט פול זיין נשמה מיט א הייליגער ענטציקונג. דער טויט איז פאַר איהם ווי אן אָברוה נאָך א טאָג ארבייט. אין אַלע זיינע לידער וועגען טויט, קלינגען געטהע׳ס ווערטער:

וואַרטע נור, באַלדע רוהעסט דו אויך.

צווישען זיינע קינדער־פאָעמען, וואָס טראָגען דעם טיטעל The Crescent Moon, איז דאָ א פראַכטפאָלע פאָעמאַ On the Seashore וואו דער דיכטער דריקט אויס דעם פאָלגענדען געדאַנק:

„די מעהרהייט פון דער מענשהייט — זיינען קינדער, וואָס טאַנצען, לאַכען און שפיעלען זיך אויפ׳ן ים־ראַנד פון ענדלאָזע וועלטען. זיי בויען זייערע הייזער פון זאַמד און שפיעלען זיך מיט מויערקעפלעך. פון פערוועלקטע בלעטער פלעכטען זיי אויס אָקרענטען און מיט א האַרציג געלעכטער לאָזען זיי ארונטער זיי אינ׳ם ענדלאָזען ים. קינדער שפיעלען זיך אויפ׳ן ראַנד פון צאָהל־לאָזע וועלטען. זיי קאָנען נישט שווימען, נישט קיין נעצען פערוואַרפען. פערלזוכער לאָזען זיך אין ים ארונטער נאָך פערל; סוחרים שווימען אויף זייערע אָקרענטען; קינדער קלייבען נור צונויף שטיינדלעך און צוואַרפען זיי. זיי זוכען נישט קיין פערבאָרגענע אוצרות, זיי קאָנען קיין נעצען נישט פערוואַרפען. דער ים שליידערט זיך מיט געלעכטער און זיינע לאַכענדיגע כוואַליעס שלאָגען זיך אָב אָן ברעג, מיט א שוואַכען שמייכעל שטאַרבט ער אויפ׳ן זאַמדיגען ראַנד. טויט־טראָגענדע כוואַליעס זינגען פאַר די קינדער זינלאָזע באַלאַדען, ווי א מוטער פערוויגען זיי די קינדער אויפ׳ן ברעג ים. דער ים שפיעלט זיך מיט די קינדער און בלאַס שלאָגט אָב זיין שמייכעל אויפ׳ן ברעג. אויפ׳ן ברעג פון ענדלאָזע וועלטען בעגעגענען קינדער איינער דעם צווייטען. אין די שפורלאָזע הימלען וואַנדערט ארום דער שטורם, ער יאָגט ארום פאָרמלאָזע וואָלקענס. שיפען ווערען צובראָכען אין די שפורלאָזע וואַסערן, דער טויט וואַנדערט פריי און קינדער שפיעלען זיך. אויפ׳ן ראַנד פון ענדלאָזע וועלטען איז די גרויסע קינדער־פערזאַמלונג“.

י. אַדלער

דאס טויטע שטעדטיל

מיר האָט גע׳חלום׳ט:
כ׳זעה פאַר מיר מיין היים — דאָס קליינע, פרומע שטעדטיל.
שטיל־פערוויעגט איז אַלץ אין טויטען שווייגען;
אויך די ווינטען ליגען ערגיין טיעף בעהאַלטען;
שלאָפען רוהיג ערגיץ אין די צווייגען...

כ׳זוך אַרום אַ מענשען אין די טויטע געסלעך —
ס׳זיינען וויסט די סטעזשקעס און די וועגען;
וויל איך פרעגען אויף דעם גרויסען, גרויסען חורבן —
שטיל... ניטאָ ביי וועמען אָנצופרעגען...

אַלע פענסטער אין דעם שטעדטיל שטעהען אָפען,
אָפען — אַלע טהירען, אַלע טוירען;
אַלע קינדער־וויעגלעך, אַלע בעטען ליידיג;
ס׳ווערט אַן אימה אין מיין האַרץ געבוירען...

טרעט איך שטיל דעם הויכען שוועל פון שוהל אַריבער.
קום אַריין... עס שלאָגט פון אַלץ מיט אימות.
טויט און שטיל און וויסט... נור אין דעם מערב־ווינקעל
הערט זיך קוים אַ שאָרך פון אַלטע שמות...

אַ פערשטויבטער שטעהט דער אַלטער אָרון קודש.
גאָטעס וואָרט — אין שפין־וועב איינגעשפונען...
ביידע טהירלעך אָפען. ניטאָ דאָ קיין פרכת,
כ׳האָב די ספרי תורות ניט געפונען...

אויף די שטענדערס ליגען די סדורים אָפען,
ס׳וואַלגערט זיך דער שופר לעבען עמוד;
און דער „כיור“ ביי דער טהיר דאָרט — אויסגעטריקענט,
און פערלאָשען איז אויך דער נר תמיד...

טיעף־פערוואונדערט קוק איך אויפ׳ן גרויסען חורבן,
און דאָס האַרץ, עס ציטערט אימת־מות.
כ׳וואָגעל אום אַליין דאָ, אין דעם מקום קדוש,
כ׳דרעה זיך אום דאָ, ווי אויף קבר אָבות...

קומט אין דמיון מיר דער אידישער בית עלמן —
ווי אַן אָבל בין איך הינגעגאַנגען.
שטיל דער וועג, פערשפרייט מיט טויטע פעלדער
און מיט יונגע אויסגעצעהרטע זאַנגען...

זעה איך שוין דעם אַלטען, אידישען בית עולם.
קראָהען דרעמלען אויף די ווערבע־צווייגען...
וואו די בליקען פאַלען זעהען זיי נאָר קברים,
און די קברים — ווי די טויטע שווייגען...

אוןביים פאַרקאַן שטעהט דעם אַלטען צדיק׳ס אוהל.
געה איך צו — עס איז דאָס טהירעל אָפען...
כ׳שליך אַריין. שטיל... אויף דעם צדיק׳ס קבר רוהיג
האָט אַ פייגעלע געשמאַק געשלאָפען...

ש. ראַבינאָוויטש

צווישען די ענגלישע זשורנאַלען

פעינט אין מאנסי'ס מאגאזין ברענגט זעהר אינטערעסאנטע ציפערען וועגען אונזער ליקער־ און טאבאק־ביזנעס.

עס ווייזט זיך ארויס, אז מיר, איינוואָהנער פון די פעראייניגטע שטאאטען, „ספּענדען" 2.700.000.000 דאל. א יאָהר אויף טרינקען, ד. ה. אויף אזעלכע זאכען, וועלכע פערקירצען אונזער לעבען אויף א היבשע ביסעל יאָהר. אויסריידען די סומע איז גרינג, אָבער צו צעהלען אזוי פיעל געלד, זעהט איהר, איז א גאנץ שווערער דזשאב. אן עקספּערט א קאסיר פון דער קאנזאטשעיסטווע פון די פעראייניגטע שטאאטען, וואָלט געדארפט צעהלען הונדערטער יאָהרען ביז וואנען ער וואָלט געוואָרען פארטיג מיט זיין דזשאב. עס איז רעכט צו זאָגען, אז פון דעם בהלה'דיגען 1907 יאָהר ביז איצט האָבען די אמעריקאנער איינוואָהנער אויסגעגעבען אויף משקה און סמוקען ניט ווייניגער פון פופצעהן טויזענד מיליאָן דאל.

עס ווילט זיך אזש פשוט ניט גלויבען. מיליע־מיליאסען דאלארס צושאכערען מיר כדי... צו קומען וואָס גיכער אויף יענער וועלט! מיר זיינען דאָך אמת'ע משוגעים. מיר זיינען געגליכען צו האָלץ־העקער, וועלכע לאָזען אראָב זייערע שארפע העק מיט די גאנצע כחות אויף די ביימער, אויף וועלכע זיי אליין זיצען. פראים וואָס מיר זיינען! מיר האָרעווען אזוי פלייסיג כדי איבערצוהאקען אונזער אייגענעם לעבען. מיט אזא סומע געלד קען מען דאָך אויפטהאָן איך ווייס ניט וואָס. נור מענשען גיבען זיך אָב זעהר זעלטען דין און חשבון. און מען רויכערט און מען טרינקט אלץ מעהרער. פעינט איז גערעכט ווען ער זאָגט: אויב אזוי וועט אנגעהן ווייטער קענען מיר זיין זיכער, אז אין א משך פון 35 יאָהר וועלען מיר אויסטרינקען אלקאָהאָל און אויסרויכערן טאבאק אויף אזא סומע, וועלכע וועט איבערשטייגען די ווערטה פון דער רייכטהום פון די פעראייניגטע שטאאטען..."

פון די 2,700.000.000 דאָלאר געהט איין פערטיל אוועק אויף טאבאק, דריי־פערטיל — אויף אלערליי סאָרטען משקאות. דאָס ווייזט, אז מיר זיינען גרעסערע שכורים ווי סמוקערס.

פון די צוויי ביליאָן, וואָס מיר גיבען אויס אויף משקה, געהט איין ביליאָן מיט הונדערט און זיבעציג מיליאָן אוועק אויף ביער; זיעבען הונדערט מיליאָן — אויף וויסקי, ברענדי, דזשין און אנדערע שטארקע געטראנקען; און הונדערט און דרייסיג מיליאָן — אויף וויין.

פון די זיבען הונדערט מיליאָן, וואָס געהען אוועק אין רויך, געהט פיער הונדערט און זעקס און פערציג מיליאָן אוועק אויף גרויסע און קליינע סיגארס; דריי און זיבעציג מיליאָן — אויף סיגארעטס; הונדערט און זיבען און פופציג מיליאָן אויף „טשואינג" טאבאק און פיער און צוואנציג מיליאָן אויף סנאָף.

ווי עס ווייזט זיך ארויס פון רעכענונג, טרינקען מיר מעהר ביער ווי בראנפען. מען זופּט אויס אָהן עין הרע 64 מיליאָן בארעלס ביער. ווען אימיצען וואָלט ארויפגעפאלען א געדאנק — און אויף אמעריקאנער א קשיה — מאכען איין פאס, אין וועלכער עס וואָלט זיך געפונען די ביער, וואָס מען טרינקט אויס פאר א גאנצען יאָהר, וואָלט זי אויסגעקוקט משונה'דיג הויך און ברייט, לכל הפחות דריי מאָל העכער פון די אייראָן בילדינג, וועלכע געפינט זיך אויף מעדיסאָן סקוועער.

ספּירט קאָסט אונז אָפּ א מאסע מיט געלט: די טעקסעס זיינען זעהר הויכע. אָבער דאָס שרעקט אונז ניט אָב. פאר א יאָהר צייט טרינקען מיר אויס א הונדערט און אכטציג מיליאָן גאלונען. זעהט איהר, אויף וויין זיינען מיר ניט קיין גרויסע בעלנים: עס געהט אין גאנצען א פערטיל ביליאָן קוואָרטס א יאָהר.

איהר מוזט אוודאי בעדויערען די טאבאק־קאָמפּאניעס, ווארום, ווי מיר האָבען געזעהן, גיט אויס די אמעריקאנער בעפעלקערונג מעהר געלד אויף טרינקען ווי אויף רויכערן. זייט ניט אומרוהיג. זייערע ביזנעס געהען, א דאנק גאָט, גאָר ניט שלעכט.

„מערקווירדיג — שרייבט פעינט — איז די געשיכטע פון די אמעריקאנער טאבאק קאָמפּאניעס . . . מיט א קליין ביסעלע געלד האָבען זיי געמאכט שווערע מיליאָנען. אין גאָר א קורצער צייט האָבען זיי זיך אזוי פיין ארויפגעארבייט, דער וואוקס פון זייער רייכטהום

איז געוואָרען אזוי אונגעוועהנליך גרויס, אַז די אַמעריקאַנער רעגיערונג האָט געפונען פאַר נויטיג אַריינצומישען זיך און מען האָט דעם טאַבאַק טראָסט גע'משפט . . ."

וואָס דענקט איהר? האָט דאָס אריינמישען זיך געהאָלפען? פונקט ווי א טוידטען באַנקעס. רופט מען עס ניט טראָסט; גיט מען עס אַן אַנדער נאָמען אָדער עס בלייבט גאָר אָהן א נאָמען. אבי די קאַפּיטאַלען וואַקסען וואָס א יאָהר אַלץ מעהר. דער טאַבאַק געשעפט, דאַרפט איהר וויסען, איז א גלענצענדער געשעפט. ער האָט קיין מאָל ניט קיין שווערע צייטען, ער ווייס קיינמאָל ניט פון סלעק. ווען עס איז גוט אויף'ן הארצען און מען נעהמט אָפּ א גוטע „פיידע", איז דאָך מה טוב. און אז עס איז שלעכט אויף'ן הארצען און מען פערדיענט ניט אויף דער חיונה, מוז מען דאָך געוויס רויכערן: מען פערדרעהט דעם קאָפּ און מען פערטרייבט די וואָלקענדיגע געדאַנקען. אזוי צו אזוי אבי דער ארבייטער טראָגט אוועק זיינע „דיימס" צו די, וועלכע האָבען אָנגעקליבען שטיקער גאָלד.

און די מיליאָנען וואַקסען און וואַקסען.

* * *

די „סענטשורי" האָט געדרוקט אַן אינטערעסאַנטען ארטיקעל אונטער דעם נאָמען „די מאָדערנע רעליגיאָן זוכעניש" פון דעם בעוואוסטען נאָוועליסט ווינסטאַן טשוירטשיל. דער רעדאַקטאָר אין זיין הקדמה דערצעהלט, אַז טשוירטשיל האָט פון אנפאַנג געהאַלטען א פאָרטראַג אויף דער אויבענדערמאַהנטער טהעמע אין איינעם פון די קאָנסערוואַטיווסטע קלויסטערס; נאָכדעם האָט ער דאָס זעלבע פאָרגעלעזען אין דער „יוניווערסיטי אָוו קאַליפאָרניע"; און איןביידע פּלעצער האָט ער אויף אזוי פיעל אויסגענומען און האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען רושם, אַז פון אַלע זייטען האָט מען ביי איהם גענומען פאָדערען, ער זאָל זיין רעדע לאָזען דרוקען.

דעם רעדאַקטאָר'ס פאָרוואָרט איז גאַנץ וויכטיג. אויב טשוירטשיל'ס לעקטשור האָט שטאַרק פעראינטערעסירט, סיי די קאָנסערוואַטיווע, סיי די פּראָגרעסיווע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, הייסט עס, אַז טשוירטשיל האָט קיין טעות ניט געמאַכט, אַז א גרויסער אויב ניט דער גרעסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג איז גאַנץ שטאַרק בעשעפטיגט מיט רעליגיאָן זוכעניש.

„פאַר די וואָס האָבען אויגען צו זעהן און אויערען צו הערען", שרייבט טשוירטשיל, „קען, דענק איך, גאָר קיין פראַגע ניט זיין, אַז די וועלט בעציהט זיך איצט צו גייסטיגע זאַכען, ניט אַזוי סקעפּטיש ווי זי פּלעגט זיך בעציהען מיט צעהן אָדער אפילו מיט פינף יאָהר צוריק."

דער שרייבער בעגעגענט אויף יעדען טריט און שריט אַן אומרוהה, א שטאַרקע אונצופרידענהייט מיט די אַלטע פּרינציפּען און אידעאַלען.

„מיר ווילען א רעליגיאָן. מיר וואַרטען, פּיעלייכט, אויף א נייע רעליגיאָן. מיר ווילען לעבען, אָבער מיר ווייסען ניט וואָס לעבען איז . . . מיר זוכען א רעליגיאָן, א הייליגקייט, א פיהרער אין לעבען . . ."

אַלזאָ, די מענשהייט האַלט איצט ביי זוכען נייע געטער. פון די אַלטע איז זי אוועק און קיין נייע האָט זי נאָך ניט אויסגעפונען. דערווייל איז איהר לאַגע א טראַגישע. „א, וויפיעל מענשען קוקען מיט בייינקענדע אויגען אויף די קלויסטער פון די אַלטע צייטען. ווי גליקליך וואָלטען מיר געווען, שרייען אויס די פערצווייפעלטע נשמות, ווען מיר וואָלטען געקענט געפינען אַן ענטפער אויף די נייע לעבענס פראַגען אין אונזער אַלטען גלויבען. ווען מיר וואָלטען נאָך איצט געקוקט אויף דעם אַלטען קלויסטער ווי אויף'ן פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך די שליסעל פון הימעל. מיר וואָלטען דאַן געווען רוהיג . . ."

עס איז אָבער אונמעגליך. „מיר קענען שוין ניט גלויבען מעהר אין דעם אַלטען טשוירטש", ווייל אונזער גאַנצער לעבען, אַלע אונזערע אנשטאַלטען פון אונזער גרויסער רעפּובליק, יעדע גרויסע ענטדעקונג אין דער מאָדערנער וויסענשאַפט — צייגען אונז קלאָר און דייטליך, אַז די אַלטע רעליגיאָן איז א שטערונג אויף דער וועג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. די פאָרשטעהער פון די אַלטע הייליגקייטען האָבען אונז שטרענג פערווערט צו טראַכטען וועגען אונזער „איך", וועגען די ענדערונגען און אויסבעסערונגען, פון אונזער לעבען. זיי זיינען איבערצייגט, אַז מיר דאַרפען פאָלגען זיי, די פערמיטלער צווישען אונז און גאָט. זיי וועלען שוין אונז ווייזען דעם ריכטיגען, דעם אמת'ן וועג. מ י ר אָבער פערשטעהען איצט גאַנץ אַנדערש. מיר דענקען, אַז אַן אונזער בעוואוסטזיניגער בעציהונג צו זיך און צו אונזער סביבה היינגט אָפּ דער שיקזאַל פון אונזער לאַנד. די רעליגיאָן פון דעספּאָטיזם איז אַבערגלויבען און מורא; די רעליגיאָן פון דעמאָקראַטיע — בילדונג און אינדיווידועלע פעראַנטוואָרטליכקייט."

אין וואָס דאַרף בעשטעהן אונזער נייע רעליגיאָן? אויף וואָס דאַרף זיך גרינדען אונזער נייער גלויבען? וואָס פאַר א נאָמען וועט ער טראַגען?

דער נאָמען פון דער נייער רעליגיאָן איז: „דער נייער פאַטריאָטיזם".

דער „נייער פאַטריאָטיזם" פאָדערט, אַז מענשען זאָלען זיך ענטוויקלען צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז זיי זאָלען פיהלען אַן אינערליכע

נויטווענדיגקייט צו קעמפפען פאר'ן כלל, צו פערבעסערן אלץ מעהר און מעהר די אומשטענדען פון זייערע מיטמענשען, פון זייער לאנד, פון דער גאנצער מענשהייט.

* * *

די „קארענט אפיניאן“ שרייבט וועגען דער טויב־בלינדער מיס קעלער: „מארק טוועין האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, אַז אין 19טען יאהרהונדערט זיינען פאראן צוויי מערקווירדיג אינטערעסאנטע כאראקטערע: נאפאָלעאָן און העלען קעלער. קעלער איז א פיגור, וואָס שטעהט זעהר נאָהענט צו אונז און דריבער איז פאר אונז נאָך שווער אָבצושעצען איהר ריכטיג. איהר ליטעראַרישער טאַלאַנט, איהר גלענצענדע טהעטיגקייט אין בעצוג צו די טויבע און די בלינדע זיינען אַלעמען גוט בעקאנט. איצט איז זי געוואָרען אן ענטוזיאסטישע סאָציאַליסטקע.“

שווער, זעהר שווער, איז דער בלינדער קעלער צו שטודירען דעם סאָציאַליזם, אָבער זי שרעקט זיך ניט. זי איז זיכער, אַז איהר וועט זיך איינגעבען צו בעקאַנען זיך מיט די ווערק פון די בעסטע טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם. „זי בענוגענט זיך ניט אָבער בלויז מיט די טעאָריעס. זי נעהמט, ווי ווייט מעגליך, אן אנטהייל אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען . . . זי איז געווען איינע פון די פּראַקטישע טהוערקעס אין די ניט לאנגאניגע סטרייקס... זי פעראייניגט זיך מיט דער ארבייט פון דער גאַנצער וועלט.“

„זייער (די ארבייטערס) אידעאַל, שרייבט קעלער אין איינעם פון איהרע ביכער, איז אויך מיין אידעאַל. ווען זיי האָבען ניט פון וואַנען צו לעבען טהוט עס מיר אויך וועה. ווען זיי זיינען אינדוסטריעלע שקלאַפען, פיהל איך זיך ניט פריי . . . איך קען ניט הנאה האָבען פון לעבען ווען זיי זיינען פערנאַכלעסיגט . . . איך וויל אַז אַלע ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו מאַכען אַ נאָרמאַלען, אַן אנשטענדיגען לעבען . . .“

העלען דערצעהלט ווי אזוי זי איז געקומען צו איהר איצטיגען סאָציאַליסטישען בעוואוסטזיין. זי איז געווען גאַנץ נאַאיוו; זי האָט ניט געהאַט קיין בעגריף וועגען דעם אמת'ן לעבען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז ווי שלעכט דאָס לעבען איז, דאָך קען מען עס פערטראָגען. זי האָט זיך אָבער מיט אַ מאָל דערוואוסט, אַז דאָס לעבען איז אונערטרעגליך.

„אה, וואָס פאר א וועלט דאָס איז! ווי שרעקליך ווייט איז זי פון דער וועלט, וועלכע איך האָב געטראָגען אין מיין דמיון. איצט זעה איך אַ וועלט פון ארימקייט, פון זינד; אַ משונה'דיגע וועלט, וועלכע קעמפפט מיט זיך אַליין. ווען איך האָב דערשפירט די שרעקליכע ווירקליכקייט, האָב איך זיך פון אָנפאַנג געפיהלט ניעדערגעשלאַגען. איך האָב אָבער אָנגעהויבען אריינדרינגען טיעפער אין לעבען, און איך האָב ווידער אָבגעלעבט . . .“

אין איהרע ארטיקלען וועגען דער „מאָדערנער פרוי“ קריטיקירט זי זעהר שטאַרק די „העכערע ערציהונג“ פון פרויען. אַ געבילדעטע, ענטוויקעלטע פרוי, זאָגט זי, רופט זיך אָן ניט די, וועלכע האָט דורכגעמאַכט קאַלעדזש, נאָר די וועלכע פערשטעהט דעם גאַנג פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען; און אָט דאָס גראַדע איגנאָרירט די סקול ערציהונג. אין סקול און אין קאַלעדזש שטאָפּט מען די מוחות אָן מיט זאַכען, וועלכע האָבען אַ קליינע שיכות צום לעבען. „פון מיין סטודיאום אין קאַלעדזש, שרייבט קעלער, איז ביי מיר גאָר נישט וויכטיגעס פערבליבען אין קאָפּ. אמת, איך האָב געלערנט דאָרט אַ ביסעל עקאָנאָמיע, אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געקענט צופּאַסען מיין קאַלעדזש וויסענשאַפט צו די עקאָנאָמישע פאַקטען, וועגען וועלכע איך האָב זיך נאָכדעם דערוואוסט.“

* * *

„זיינען מיר אונמאָראַליש?“ אַזוי רופט זיך אָן אַרטיקעל פון ארטור פּאָלאַק אין דעם „פאָרום“. דער שרייבער וויל אויסגעפינען, צו עס איז טאַקע ריכטיג, אַז מיר זיינען פאַר דער לעצטער צייט געוואָרען אויסגעלאַסען? דער גלח און דער מגיד פון זייערע פּלאַטפאָרמעס, די שרייבער אין זייערע צייטונגען און זשורנאַלען זיינען אויסער זיך. מיט אַ הייליגען שרעק צייגען זיי אָן, אַז אונזער אויפפיהרונג איז ניט קיין מאָראַלישע און מיט שוואַרצע פאַרבען מאָהלען זיי אונזער צוקונפט. איז דאָס טאַקע ריכטיג?

ארטור פּאָלאַק דענקט, אַז עס איז ניטאָ פאַרוואָס צו שרעקען זיך. מיר זיינען גאָר ניט אַזוי פערדאָרבען, ווי די מגידים מיט די גלחים שטעלען זיך פאָר. אמת, מיר האָבען זיך אומגעביטען ביז אַ געוויסען גראַד; מיר קוקען מיט אַנדערע אויגען אויף פיעלע זאַכען; און אונזער אַרט לעבען איז ביז אַ געוויסען זין אַן אַנדערער; — אָבער דאָס ווייזט אַז מיר שטעהען ניט אויף איין אָרט, אַז מיר פּראָגרעסירען. מיר לעבען איצט איבער גראַדע אַן אינטערעסאַנטע צייט. „איהר קענט דאָס רופען אַ צייט פון אומרוהע, אויב איהר ווילט, גיט עס אַ נאָמען אַ צייט פון רעוואָלוציאָן . . .“

עס רודערט זיך, עס טומעלט זיך פּשוט דערפאַר, וואָס נייע מאָראַלע און סאָציאַלע פּרינציפּען פאַרנעהמען דעם אָרט פון די אַלטע; דערפאַר וואָס עס זיינען אויסגעוואַקסען נייע פּראָבלעמען, „וועלכע פּאַסען זיך צו בעסער צו די פאָדערונגען פון דער נאַטור און דעם פּשוט'ן שכל“. דערווייל איז דאָס נאָך ניי, פאַר אַ

גרויסען טייל פון דער בעפעלקערונג קוקט עס אויס נאָך משונה'דיג. און דאָס איז די אורזאכע פאר וואָס מען האלט אין איין ריידען און דיס־קוטירען וועגען אונזער מאָראַל.

איינע פון די גרעסטע פּראָבלעמען, וועלכע שטעהען אונז פאר, דענקט פּאָלאַק, איז די געשלעכט בעציהונגען. די וויכטיגסטע ארבייט וואָס די פרויען בעוועגונג האָט אויפגעטהאָן איז דאָס, וואָס זי האָט ארויסגערוקט די געשלעכט פראגע אויף דעם ערשטען פּלאַן. ביז יעצט האָ־בען מיר וועגען דער פראגע גאָר מורא געהאַט צו ריידען. און עס איז געווען אויך אין גאנצען איבעריג צו ריידען. וואָרים אַלעס איז, לויט אונזער מיינונג, געווען אין אָרדנונג. ערשט מיט א מאָל האָט די פרוי ארויסגעטראָטען „און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איהר געבען א שנעלען ענטפער אויף אַלע איהרע פאָדערונ־גען . . . די פרויען בעוועגונג מיינט מעהר ווי א פראגע פון פּאָליטישער גלייכהייט, מעהר ווי א פייט פאר'ן באלאט; דאָס איז א בעוועגונג, וועלכע פאָדערט אַז די פּראָבלעמע פון געשלעכט זאָל געלעזט ווערען אין גאַנצען אַנדערש...“ און אויף דער געזעלשאַפט איז אַן אימה ארויפ־געפאַלען נאָר דערפאר, וואָס דאָס האָט אויסגע־בראָכען מיט א מאָל; מען האָט עס ניט ער־וואַרטעט. און אויך דאָס איז די אורזאכע פאר וואָס עס הערען זיך היסטערישע געשרייען וועג־גען אונמאָראַלקייט. וואָלטען זיי זיך צוגעקוקט צו דעם גאַנג פון דער געשיכטע וואָלטען זיי אזוי ניט געלאַרעמט. „דאָס וואָס איז אויסגעלאַסען היינט, וועט זיך אָנרופען מאָראַליש מאָרגען...“

אָבער ווי קענען מיר דאָך אורטיילען, וואָס איז מאָראַליש און וואָס איז אויסגעלאַסענהייט? דער ענטפער איז דער פאָלגענדער: „יעדע זאַך, יעדער געדאַנק וועט זיך רעכענען פאר אונמאָ־ראַליש, אויב ער שטערט די ענטוויקלונג פון דעם איינצעלנעם מענשען אָדער פון דער ראַסע, ווען ער טייטשט אויס פאַלש די געזעצע פון לעבען. פאַרקעהרט, אַזאַ אויפפיהרונג, וועלכע פּאַסט זיך צו צו אונזער ענטוויקלונג און העלפט דעם גאַנג פון לעבען, וועט זיך רעכענען פאר מאָראַליש . . .“

* * *

די „ווייסע שקלאַפין“ איז ביי אונז מיט אמאָל געוואָרען די צענטראַלע פיגור, וועגען וועלכער מען רעדט אומעטום, די הויפּט העלדין פון די צעהנסענטיגע שפּאַנענדע ראָמאַנען און די אינטערעסאַנטסטע טעמאַ פון די געלע ציי־טונגען. מען האָט זיך מיט אמאָל א לאָז גע־טהאָן פון אַלע זייטען צו ראַטעווען די „געפאַ־לענע“. כּלל טהוערס, רעפּאָרמערס, אַלטרו־איסטען, איידעלע און „העכסט־מאָראַלישע“ דאַ־מען האָבען מיט אמאָל בעשלאָסען צו פערניכ־טען, אויסצוראָטען „ווייסע שקלאַפעריי“. כמעט יעדען טאָג זיינען די צייטונגען פערפלייצט מיט סענסאַציאָנען, איבערראַשענדע נייעס וועגען געהיימניספולע, פערדעכטיגע יונ־געלייט, פערפיהרער און שענדער. עס איז פּלוצלונג, ווי דורך א כּשוף, אויסגעוואַקסען א „סינדיקאַט פון ווייסע שקלאַפעריי“, וועלכער פערשפּרייט זיינע נעצען איבער דער גאַנצער וועלט. און מען טראַכט אויס מעשׂות פון טויזענד און איין נאַכט און מען שילדערט זיי מיט אַלערליי פּאָרנאָגראַפישע איינצעלהייטען, וואָס צופלאַקערען די פאַנטאַזיע און קיצלען די נערווען. און מען בעריכטעט וועגען די העל־דישע טהאַטען פון די געזעץ־היטער, פון די בראַווע פּאָליסלייט, וועלכע „בעפאַלען“, „צור־טרייבען“, „אַרעסטירען“ און „ראַטעווען“. און דער עולם דאַנקט גאָט פאר די קלוגע געזעץ־געבער און פאר די העלדישע דעטעקטיווס. און אין מיטען היסטערישען, ווילדען בראַוואַד שטעהט די „געפאַלענע“.

ברענד ווהיטלאַק, אין זיין ארטיקעל אין „פאָרום“, „די ווייסע שקלאַפין“, דעקט אויף ווי פערברעכעריש די געזעלשאַפט בעהאַנדעלט די פּראָסטיטוטקע. ער מאַכט חוזק פון די „רע־פאָרמערס“, וועלכע גלויבען, אַז א געזעץ קען אויפטהאָן נסים; אַז אויב מען וועט בעפאָל־מעכטיגען די פּאָליציי צו „בעפאַלען“ און צו „ראַטעווען“ — וועט פון פּראָסטיטוציאָן קיין זכר ניט בלייבען. ווי לעכערליך דער רעפאָר־מער איז! ער קוקט אויפ'ן לעבען — זאָגט ווהיטלאַק — ווי אויף א גאַנץ פּשוט'ע זאַך. אין זיינע אויגען איז דאָס לעבען א בוך, וואָס לעזט זיך זעהר לייכט. ער געפינט ניט אין איהם קיינע געהיימניסען. ער זעהט דורכאויס קלאָרע, שאַרפע שטריכען. „פאר איהם איז יעדע זאַך ווייס אָדער שוואַרץ, זיס אָדער בי־טער, גוט אָדער שלעכט. אַלעס איז קלאָר און דייטליך. געפעלט איהם ניט אירגענד וועל־כע זאַך — רופט ער עס אָן א פערברעכען און פאָדערט, אַז מען זאָל עס אָט טאַקע שוין פער־ניכטען...“ ער פערשטעהט ניט, אַז דאָס לע־בען איז קאָמפּליצירט און מען קען עס ניט איינפאַסען אין ראַהמען. ער בעגרייפט ניט, אַז די געזעצע געגען פּראָסטיטוציאָן זיינען מאַכטלאָז, אַז די רעגולאַציאָנען — זיינען אָן אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערטה; אַז שולדיג איז די גרויזאַמע ווירקליכקייט, וועלכע צוקלאַפּט און צושמעטערט אַלע זיינע „ערהאַבענע“ פּלע־נער.

דער „רעפאָרמער“ גלויבט אין דעם אַל־מעכטיגען פּאָליסמאַן. פון איהם פאָדערט ער, אַז ער זאָל „אַכטונג געבען, אַז די בעפעלקערונג זאָל זיין שטרענג „מאָראַליש“.

וואָס פאר אַן אונזין! דאָס מאַכט די לאַגע פיעל ערגער, ווי עס איז געווען. די „גע־פאַלענע“ אַליין וועט מען ניט העלפען אָהן א חוץ דעם בעשאַפט מען מיט'ן אייגענעם ווי־

לען א פּאָלמעכטיגען בעל הבית אויף זיך, א „טיראַניי, וועלכע איז פערהאַסט אפילו אין די מאָנאַרכישע לענדער". בידים פיהרט מען איין „קאָרופּציאָן" אין די רייהען פון דער פּאָליציי. „זייער ארבייט איז בלויז צו פּראטעקטען דאָס לעבען, דאָס אייגענטהום און אויפצוהאַלטען אָרדנונג. צו דעם איז די אַמעריקאַנער פּאָליציי פעהיג פונקט אזוי, ווי די פּאָליציי פון אַנדערע לענדער". אָבער ווען איהר מאַכט זיי פּאַר אויפזעהער איבער דעם מאָראַלישען צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, הרג'עט איהר אַוועק אייער פרייהייט, אייער מענשען־ווירדע. זיי וועלען זיך איינברעכען אין אייער הויז, זיי וועלען זיך אריינמישען אין אייער פּערזענליכען פאַמיליען לעבען, זיי וועלען אָנטהאָן צרות. איהר קענט שוין זעהן די רעזולטאַטען. „זיי בערויבען אייערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטע... זיי לאָזען אייך ניט פריי רעדען, פריי צונויפקלייבען זיך... ז י י זיינען די צענזאָרס פון ליטעראַטור און קונסט, ז י י פערוועהרען די אויפפיהרונג פון די בעסטע דראַמען, ז י י צוטרייבען פרויען פון די גאַסען, דערפאַר וואָס זיי טראָגען אונמאָראַלישע קליידער..."

די פּאָליציי פּאַלט אָן אויף די אונמאָראַלישע הייזער און טרייבט ארויס די „ווייסע שקלאַפען" אין די גאַסען. נאָכדעם וואַרפט זי זיך ארוף אויף זיי מיט ווילדע אכזריות און טרייבט זיי פון די גאַסען אוועק אין פערשיעדענע קאָנורעס. און אזוי געהט עס אָן טאָג איין, טאָג אויס.

ווהיטלאַק דערצעהלט אָן אינטערעסאַנטע געשיכטע וועגען דעם געוועזענעם מעיאָר פון טאָלידאָ, „גאָלדען רול" דזשאָנס. איין מאָל איז צו איהם געקומען א קאָמיטע פון „דזשענטעללייט" און „ליידיעס" מיט א יעלה: פּראָסטיטוטקעס געהען זיך ארום איבער'ן שטאָדט פראַנק און פריי און קיינעם אַרט דאָס ניט. דער געזעץ פּאָדערט, אז מען זאָל זיי צוטרייבען און די פּאָליציי היט ניט אָפּ. אַלזאָ, האָבען זיי געפּאָדערט פון מעיאָר, אז ער זאָל מאַכען א סוף צו די זינד און טאַקע וואָס שנעלער, די מינוט.

עס קומט פּאָר א מערקווירדיגער געשפּרעך צווישען דעם מעיאָר און דער קאָמיטע.

— אָבער וואָס זאָל איך טהאָן? — פרעגט דער מעיאָר.

— וואָס הייסט וואָס? — האָבען זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען די „רעפאָרמערס" — איהר האָט פּאָליציי גענוג, זאָלען זיי פערטרייבען די פּראָסטיטוטקעס פון שטאָדט און פערשליעסען זייערע הייזער.

— אָבער וואוהין זאָל די פּאָליציי זיי פערטרייבען? אין דעטראָיט? אין קליוולענד? אָדער ערגעץ וואו אַנדערש? איהר ווייסט דאָך, אז ו ו א ו ה י ן עס א י ז מוזען זיי דאָך געהן.

די קאָמיטע האָט, נאַטירליך, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— ווייסט איהר וואָס? — האָט דזשאָנס זיך צו זיי געווענדעט — איך וועל אייך מאַכען א פּאָרשלאַג. געהט און זוכט אויס צוויי פון די ערגסטע פרויען און ברענגט זיי צו מיר אהיים. איך וועל זיי האַלטען אזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי וועלען קענען פערדיענען כשר זייער שטיקעל ברויט. איהר, פון אייער זייט, נעהמט יעדער צו איין מיידעל צו זיך אהיים. און נאָכדעם וועלען מיר אַלע טהאָן אַלעס מעגליכע אום צו געפינען א היים פאַר די איבעריגע.

די כלל טהועה האָבען געזעהן, אז זיי האָבען צו טהאָן מיט א מענשען, וועלכער איז ניט „ביים זינען", און האָבען זיך אָבגעטראָגען.

ווהיטלאַק דערצעהלט וועגען דער שטאָדט טאָלידאָ, וואו ער איז געווען מעיאָר. „אונזער שטאָדט איז געווען ניט בעסער און ניט ערגער פון אַלע אַנדערע שטעדט". פּראָסטיטוטקעס האָבען זיך געפונען אין פלעטס, אין סאַלונס, אין הייזער, אין די סטריטען. די פּאָליציי פלעגט זיי בעפאַלען, צוטרייבען. צו א תכלית איז מען אָבער ניט געקומען. „די מיידלעך האָבען ו ו א ו ה י ן עס א י ז געמוזט דאָך געהן, ווי דזשאָנס האָט געזאָגט..."

„איך האָב אויף דעם צוטרייבען געקוקט מיט האַס — דערצעהלט דער שרייבער וועגען זיך. — איך האָב פיינד געהאַט צו הערען רעפּאָרטען וועגען דעם. מיר איז איצט שווער אפילו צו טראַכטען, צו שרייבען וועגען דעם..."

אפשר וואָלט געווען א פּלאַן צו רעגולירען פּראָסטיטוציאָן, אזוי ווי עס קומט פּאָר אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד?

"... צוקוקענדיג זיך צו דער ווירקליכקייט, ענטפערט ווהיטלאַק, זעהען מיר, אז די רעגולאַציאָנען האָבען דאָרטען אויף א האָאר ניט פערקלענערט די פּראָסטיטוציאָן... אין פּאַריז זיינען פאַראַן בלויז 30 אָפיציעלע אונאָנשטענדיגע הייזער Maisons de tolerance, אין וועלכע עס געפינען זיך 420 פרויען. 5676 רעגיסטרירטע פּראָסטיטוטקעס געפינען זיך אין געוועהנליכע הייזער און 60 טויזענד שפּאַצירען ארום איבער פּאַריזער גאַסען אָהן א שום קאָנטראָל אָדער רעגולאַציאָן".

אין בערלין זיינען 4068 רעגיסטרירט, 40 טויזענד זיינען אויסער קאָנטראָל. ענגלאַנד ווייס ניט פון קיינע רעגולאַציאָנען און די פּאָליציי ווייזט ניט קיינע „העלדישקייטען", און דאָך איז דאָרטען ניט ערגער ווי אין די אויבענדערמאָהנטע שטעדט. און נעהמט, צום ביישפּיעל, שיקאַגאָ, וועלכע איז בעריהמט מיט דער ברוטאַליטעט פון איהר פּאָליציי צו די „געפאַלענע", — ווייזט זיך ארויס, אז דיזע „געבענשטע שטאָדט" איז פערפלייצט מיט פּראָסטיטוטקעס.

„די פּראָסטיטוציאָנס פּראָבלעמע וועט ניט אויפגעלעזט ווערען דורך דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי... אין יעדער שטאָדט זיינען פאַראַן דעטעקטיוווס, וואָס זייער אויפגאַבע איז אכטונג צו געבען אויף די „געפאַלענע" און אומעטום פאָלגען די דעטעקטיוווס דורך... זיי זיינען ניט אימשטאַנדע עפּעס וויכטיגעס אויפצוטהאָן..."

נור דאָס איז נאָך ניט אַלעס. די פערפאָלגונג סיסטעם מאַכט נאָך פיעל ערגער די לאַגע. דער געזעץ מאַכט נאָך גרעסער, נאָך טיעפער די גרוב, אין וועלכער די „געפאַלענע" זינקען. ווי נור די מיידעל האָט אַ טרעט געטהאָן אויף „ניט דעם ריכטיגען וועג", אַזוי גלייך שטויסט מען זיך אָפּ מיט האַס און מיט פיינדשאַפט, און זי זינקט וואָס ווייטער, אַלץ טיעפער...

אויך זי איז דאָך אַ לעבעדיגער מענש... אויך זי האָט איהרע טרוימען, איהרע האָפנונגען אין לעבען... אָבער די געזעלשאַפט גיסט פּעך און שוועבעל אויף איהר. „פערלאָרענע", „געפאַלענע", „רואינירטע" — הערען זיך ווילדע אויסגעשרייען פון אַלע זייטען... און זי לאָזט זיך אַראָב אַלץ נידעריגער און זי קען שוין זיך מעהר ניט אויפהויבען... אָהן אַ היים, אָהן פריינד... אָרום און אָרום זיינען טהירען פאַר איהר צוגעשלאָסען... און עס בלייבט פאַר איהר צוויי אויסוועגען: זינקען וואָס טיעפער אין דעם זומפּ, אָדער וואַרפען זיך אין טייך..."

אויב די מענשהייט וועט ווען עס איז לעזען די „פערפלוכטע" פּראָבלעמע, וועט דאָס פאַרקומען נור דאַן, ווען די ברוטאַליטעט און דער האַס וועלען פערשווינדען און זייער פּלאַץ וועט פערנעהמען מענשען־ליעבע. שאַפט אָפּ אַלע געזעצע געגען פּראָסטיטוציאָן, וואָרום זיי זיינען שעדליך!

— וואָס? — שרייט איהר אויס דערשראָקענע — גאָר נישט ניט טהאָן?

— יעס, אויב מיר קענען גאָר נישט ניט אויפטהאָן פאַר זיי, איז די בעסטע זאַך לאָזען זיי אין גאַנצען צורוה... איהר דענקט, אַז מען מוז אימער עפּעס ט ה אָ ן פאַר מענשען?

„וואָלט אָן מיר אָבגעהאַנגען, וואָלט איך די ערשטע זאַך פערניכטעט דעם געזעץ, וועלכער ערקלערט געוויסע קינדער פאַר אונגעזעצליכע. יע, די ערשטע זאַך איז אָבצושאַפען אַלע קרימינעלע געזעצע געגען פּראָסטיטוציאָן...

איך מיט מיינע אייגענע האָב געזעהן ווי אַ דזשאָדזש האָט געהייסען אַ „געפאַלענער" ארויסגעהן אין סטריט און מאַכען עטליכע דאָלאַר אום זי זאָל קענען בעצאָהלען די שטראָף, וואָס דער דזשאָדזש האָט אויף איהר ארויפגעלעגט. איך האָב אָנגעקוקט אַלע פּנים'ער, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען אין קאָורט. קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. קיין איין שמייכעל האָט זיך ניט בעוויזען אויף אימיצענס ליפּען.

„אָבער אויסמעקען די געזעצע פון די ביכער איז נאָך ווייניג. מען וועט זיי מוזען אויך אויסמעקען פון די מענשען'ס הערצער — דעם האַס און די פעראַכטונג פון דאָרט אויסמעקען. און דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז מען וועט אָנהויבען קוקען אויף אַ פּראָסטיטוטקע, ווי אויף אַ מענשען, און דער ערשטער טראָט וועט שוין דאַן זיין געמאַכט".

פערשטעהט זיך, די הויפּט אורזאַכע פון דער פּראָסטיטוציאָן איז דער דלות. און ווי אַזוי צו בעזייטיגען אָט די הויפּט אורזאַכע, אויף דעם ענטפערט נור דער סאָציאַליזם.

ביבליאָגראַפיע

ב. וולאַדעק

די השכלה־בעוועגונג אין רוסלאַנד

פון דר. דזשייקאָב ס. רייזין (ענגליש).

ערגעץ איז דאָ אַ פיינע מעשה'לע פון איינעם, וואָס האָט געפאַנגען אַ פוקס און האָט עס געטראָגען אהיים אונטער זיין מאַנטעל. ווען ער איז צוגעקומען צום הויז איז מעהר פון איהם ווי דער מאַנטעל ניט פערבליבען — די פוקס האָט איהם געהענדיג אויפגעגעסען.

דיזעלבע געשיכטע מיט ניט ווייניגער טרויעריגע רעזולטאַטען האָט געטראָפען מיט דר. דזש. ס. רייזין, דעם מחבר פון דער „השכלה־בעוועגונג" — דער אויפקלערונג־בעוועגונג אין רוסלאַנד. ער האָט זיך גענומען שרייבען אַ געשיכטע פון דער אינטערעסאַנטסטער און בעדייטענדסטער בעוועגונג צווישען אידען אין דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט. אַ בעוועגונג, וואָס האָט פיליכט קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון קיין פאָלק מיט איהר אויסערליכער בעגייסטערונג און אינווענינסטען טראַגיזם. אַ בעוועגונג, וואו די מאַרטירער שיינען אָפּט לעכערליך און נאַרישע קריטיקער שיינען ווי נביאים — מאַטעריאַל פאַר'ן דענקער און פאָרשער, בערג מיט שטאָף פאַר יעדען שאַפענדען מח. אַז אַזאַ ווערק איז נויטיג, קען ניט זיין קיין צוויי מיינונגען. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די השכלה האָט זיך פּאַקטיש געענדיגט מיט די אכציגער יאָהרען, פעהלט נאָך ביז היינטיגען טאָג אַן אַלגעמיינע אָבשאַצונג, אַן אַלגעמיינער צוזאַמענהאַנג און ערקלערונג פון פאַקטען, אָבער אַזאַ ווערק צו שרייבען — ווי צו

שרייבען גוט וועגען יעדער היסטאָרישער עפּאָכע — פאָדערט זיך מעהר, ווי א פעהיגקייט דורכצולעזען טויזענד ביכער און פערשרייבען א טויזענד דאַטען. עס פאָדערט זיך א פעהיגקייט די עפּאָכע צו פערשטעהן, זי איבערצולעבען, באנעהמען איהר אָנפאַנג און סוף, און האָבען צו איהר א געוויסע שטעלונג. דר. רייזין, נישט קוקענדיג אויף זיין לאַנגען טיטעל פון דר. פילאָזאָפיע און דאָקטאָר דיווייניטי, בעזיצט דאָך ניט קיין היסטאָרישען פערשטאַנד, ניט זאָגאַר קיין אמת'ן אינוועניגסטען אינטערעס צו דער השכלה־עפּאָכע. ער האָט געשריעבען ניט קיין ווערק, נור א „טעמא", א דיסערטאַציע פאַר גוים אויף א אידישען אינהאַלט, א „בוך".

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט ער געטהאָן די אַרבייט עהרענהאַפט. פאַקטען זיינען צוזאַמענגעקליבען א ים און ביים ענדע פון בוך זיינען אויסגערעכענט ניט וועניגער פון 170 פערשיעדענע קוועלען, פון וועלכע ער האָט זיין אינפאָרמאַציאָן געשעפּט. יעדעס בלעטעל איז פול מיט נעמען און דאַטומס און פאַקטען. אָבער אַזוי ווי א גרויסע קופּע האָלץ גיט ניט קיין בעגריף וועגען א רעאַלע הויז, אין וועלכען מענשען קענען וואָהנען, אזוי גיבען זיינע פאַקטען ניט דעם מינדסטען בעגריף וועגען יענער, ניט ווייטער, עפּאָכע. זיין בוך, מעהר ווי א וועלכעס ניט איז אַנדער ווערק בעווייזט, ווי פערשיעדען עס קען זיין די נוץ און וויכטיגקייט פון פאַקטען. ווערען זיי גענומען מיט א טאָלק און מיט א געוויסער ריכטונג, זיינען זיי ווי טויזענד זונען, וואָס בעלייכטען און ערקלעהרען; ווערען זיי גענומען טויטע, ניט אין זייער לאָגישען צוזאַמענבונד, ניט אין זייער כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, זיינען זיי ווי בר־מינן'ס — טויזענד קערפּערס און קיין איין שמייכעל!

וואָס האָט בעוועגט די השכלה? וואָס איז געווען איהר גלויבען און איהר בעגייסטערונג? וועלכע קרעפטען פון דער געשיכטע האָבען זי געבאָרען און געטויט? אומזיסט וועט איהר אין דעם בוך זוכען אַן ענטפער אויף די פראַגען. דער מחבר האָט אפילו ניט געקענט אָבטיילען די השכלה פון די שפּעטערדיגע ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע בעוועגונגען. אַלץ איז ביי איהם השכלה און אַלץ איז זים, ווי לאַקריץ. שוין אָבגערעדט פון דעם, וואָס אפילו די פאַקטען זעלבסט זיינען אָפט פערדרעהט און זאָגאַר פאַלש — א נפקא־מינא דען ווי אזוי דער בר־מינן ליעגט?

אזוי האָט ווידער אַמאָל די וואונדערבאַרע טראַגי־קאָמישע השכלה געגעבען א געלעגענהייט א דאָקטאָר צו שרייבען א בוך אָהן האָבענדיג אויפגעדעקט פאַר דער וועלט איהר ווידערשפּרעכליכען אינהאַלט אין איהר פּיעלאַרטיגען כאָטש צובראָכענעם גייסט.

די איינציגע טיילען פון בוך, וואָס קענען געלעזען ווערען אָהן ענטריסטונג פון איינעם, וואָס איז בעקאַנט מיט דער השכלה, זיינען די שילדערונגען פון איינצעלנע משכילים, וואו דער אויטאָר האָט געדאַרפט נור פערקירצען די אַרבייטען פון אַנדערע.

די דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי — אזא פיינע קולטורעלע אידישע אינסטיטושאָן אין פּרינציפּ — האָט בעוויזען מיט דעם בוך, ווי וועניג אונזערע דייטשע „גלויבענס־גענאָסען" פערשטעהען זייערע רוסישע ברידער און אויף וויפיעל נידריגער זייערע קריטישע און וויסענשאַפטליכע בעדערפניסע זיינען פון אונזערע.

משה כ"ץ

די אידישע שפּראַך. א לעהר־בוך פאַר אָנפאַנגער און העכערע תלמידים. פון לעאָן עלבע (ל. באַסיין). ארויסגעגעבען פון מ. גורעוויטש'ס בוכהאַנדלונג, ניו יאָרק. פּרייז 40 סענט.

ביסלעכווייז, אונבעמערקט, כמעט פון זיך אליין מעהרען זיך אין די פעראייניגטע שטאַטען און אין קאַנאַדאַ די וועלטליכע אידישע פאָלקסשולען. זייער צוועק איז א בעשיידענער, אָבער זעהר א וויכטיגער: אומקעהרען דער אידישער היים דאָס אידיש קינד און שאַפען פאַר'ן קינד א אידישע קולטורעלע סביבה. אין דער אמעריקאַנער „קאַזאַנער" און פּאַטריאָטישער פאָלקסשול פערלירט דאָס אידישע קינד די שפּראַך, דורך וועלכע עס קאָן זיך צוזאַמענריידען מיט זיינע עלטערן, דורך וועלכע עס קאָן פערשטעהן זייער געדאַנקען־וועלט.

די נייע קולטור בלייבט איהם אויף ביז א געוויסען גראַד פרעמד, ווייל קולטור איז ניט א זאַך, וואָס מען לערענט אויס אין איין דור. מען מוז זי אייזאַפּען פון דורות, פון וויעג, פון דער מוטערס ליעדעל, פון פאָטערס א מעשה'לע. די שפּראָצונגען פון קולטור מוז מען איינאַטעמען פון דערהיים, און איז די שול אָבגעריסען פון דער אידישער סביבה, וואַקסט אויס א תהום צווישען די אַמעריקאַניזירטע קינדער און די „גרינע" עלטערן — א תהום, וואָס נעהמט אוועק ביי ביידע צדדים די מעגליכקייט ריכטיג צו פערשטעהען זיך איינע די אַנדערע. די „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע" שולען האָבען זיך געשטעלט דעם ציעל אָבצושאַפען דעם תהום דורך דעם, וואָס זיי ווילען אויסלערנען דאָס אידיש קינד ריידען, לעזען און שרייבען אידיש, וויסען די אידישע געשיכטע און זינגען אידישע לידער, — אַלץ קליינע זאַכען אָהן גרוסע פּרעטענזיעס, וואָס דערנעהנטערען אָבער די קינדער צו די עלטערן.

פאַר די לעצטע פאַר יאָהר זיינען אין אַמעריקאַ בעשאַפען געוואָרען און האַלטען זיך אין שנעלען ענטוויקלען אַרום 25 אַזעלכע שולען אין וועלכע ס'לערנען זיך איבער 2 טויזענד קינדער. די ערציהונג אין זיי איז

א שטרענג וועלטליכע און ביים לערנען ווערען בענוצט די מאָדערנע מעטאָדען און לעהרביכער.

ביז איצט פלעגען זיך די אמעריקאַנישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען בענוצען בלויז מיט די אידישע לעהרביכער, וואָס זיינען ארויסגע־געבען געוואָרען אין רוסלאַנד. פערשטעהט זיך, אז די לעהרביכער מוזען ביי אלע זייערע מעלות האָבען איין וויכטיגען חסרון: געשריבען פאַר קינדער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, שפּיגלען זיי אין זיך אָב בלויז דעם רוסיש־אידישען לעבען און די טעמען, וואָס זיי בעהאַנדלען, בלייבען דעריבער אין א געוויסער מאָס פרעמד די אמע־ריקאַנישע קינדער, וואָס וואקסען גאָר אין אַנ'אַנדער סביבה.

אָט דאָס אויסצובעסערן האָט זיך גע'שטעלט ה' ל. עלבע, וועלכער האָט מיט דער הילף פון די לעהרער פון דער ניו יאָרקער נאַציאָנאַל ראַדי־קאַלער שול אָנגעשריבען א אידישען לעהרבוך פאַר אַמעריקאַנער קינדער.

האָט זיך איהם דאָס איינגעגעבן?

מיר האָבען אויפמערקזאַם דורכגעקוקט דאָס ביכעל און אונז האָבט זיך, אַז ניין, — דעם צוועק האָט ער ניט דערגרייכט.

שרייבען א לעהרבוך פאַר אמעריקא־נישע קינדער מיינט בעריהרען טעמעס, וואָס האָבען א וועלכע עס איז שייכות צו דער אייגענ־טימליכער אמעריקאַנישער סביבה. מיר האָבען אָבער איז גאַנצען בוך אויסגעפונען בלויז איין וואָרט, וואָס דערמאָהנט אָן אַמעריקאַ, אי דאָס אויך ניט ספּעציעל, דאָס איז דאָס וואָרט און דאָס בילד פון א קאר. אלע איבעריגע ביל־דער, וואָס ווערען געבראַכט אין בוך, זיינען אין בעסטען פאַל „אינטערנאַציאָנאַל", אָפּטמאָל אָבער זיינען זיי פרעמד דעם אַמעריקאַנישען קינד ווי יעדער אַנדער געגענשטאַנד פון רוסי־שען לעבען. וואו, למשל, קומט אויס דעם אי־דיש־אַמעריקאַנישען קינד צו זעהן א ראַק, אָדער א ברונים, אָדער א יעגער אָדער א באַק, למשל (אויסער, אפשר, אין בראַנזוויל...) א. א. וו.? עס ווערט, למשל, געבראַכט דאָס וואָרט „אוגערקע" (א וואָרט וואָס דאָס אמערי־קאַניש קינד הערט קיינמאָל ניט) און דערצו א בילד, וואָס דערמאָנט מעהר אָן א פיין ־ עפּעל...

דאָסזעלבע מיט די רעטענישען און שפּילען. עס ווערען געבראַכט בלויז אזעלכע, וואָס ווערען געברויכט ביי די חדר־אינגלעך אין רוסלאַנד און אין פּוילען. אין אַמעריקאַ ווייסען די קינדער ניט פון זיי. נאָכמעהר קאָן דאָס געזאָגט ווערען וועגען די ערצעהלונגען. קיין איין איינציגע ער־צעהלונג דערמאָהנט ניט דאָס קינד וועגען אמע־ריקאַנישען לעבען,—און מען קען זיכער זאָגען, אז ווען דאָסזעלבע ביכעל וואָלט ארויס אין רוס־לאַנד, וואָלט עס כמעט אין קיין אין איין וואָרט ניט געדאַרפט געביטען ווערען.

אויב אָבער דער צוועק צו שאַפען א נ'אַמע־ריקאַנישען לעהרבוך האָט זיך דעם מחבר לגמרי ניט איינגעגעבען, געהערט אָבער צו זיינע פערדינסטען דאָס, וואָס דאָס ביכעל האָט זיך פּעדאַגאָגיש זעהר גוט איינגעגעבען. אין דעם פּרט איז דאָס באמת איינס פון די בעסטע אידישע לעהרביכער פאַר אָנפאַנגער, וואָס זיינען ביז איצט ערשיענען.

דאָס סיסטעם פון ביכעל בעשטעהט אין בעקענען דעם שילער פון אָנהויב אָן און גלייכ־צייטיג מיט די קלאַנגען און טראַפען (זילבען) און פערבינדען זיי אין ווערטער. אין דעם פּרט איז דער איבערגאַנג פון לייכטערע צו שווע־רערע איבונגען זעהר גוט אויסגעהאַלטען. וואָס ווייטער א קאַפּיטעל ווערט די צאָהל אותיות, פון וועלכע די ווערטער ווערען צוזאַמענגעשטעלט, אַלץ גרעסער און די זאַצען אַלץ פולער. א מעלה פון ביכעל איז אויך דאָס, וואָס דער לעהרער קאָן שוין פון די ערשטע לעקציעס אָן אָנהויבען פיהרען מיט די קנדער געשפּרעכען, אין וועלכע זיי זאָלען בענוצען די אויסגעלערנטע אותיות און ווערטער. דער צווייטער טהייל פון ביכעל בעשטעהט פון קליינע קינדער ־ ליעדלעך, רע־טענישען און קינדער־שפּיעלען, וועלכע וועלען געוויס פּעראינטערעסירען די שילער. דער דריי־טער טייל ענטהאַלט א רייהע קליינע ערצעהלונגען און שירים פון מענדעלע'ן, רייזינען און פּרצ'ן,— וואָס בעקענען דעם שילער מיט שעהנע אידישע מעשה'לעך און לעגענדען און מיט די ספּורים וועגען די אידישע ימים ־ טובים.

צו די ערשטע קאַפּיטלען זיינען צוגעגע־בען האַנט־געשריבענע אותיות, וועלכע זיינען געוויס זעהר וויכטיג, אָבער ס'וואָלט געוואונשען געווען, אז אין א צווייטער אויפלאַגע זאָלען די אותיות געשריעבען ווערען שעהנער.

פעהלער־אויסבעסערונג.

אין משה טייטש'ס ליעד „ווינטער", וואָס איז געווען געדרוקט אין פאָריגען נומער „צוקונפט", איז א וואָרט פעגרייזט געוואָרען: אנשטאט „מלך" „מלאך". אויסגעבעסערט לעזט זיך דאָס ליעד ווי פאָלגט:

זיצט די צייט און טרייבט איהר כשוף,
פלעכט איהר קנויל און ציהט דעם פאָדעם —
געהען טעג פון הערבסט ערמיעדעט
אין די אָבגעניצטע בגדים.

גאָר ניט לאַנג — אָ, ווי געגרויסט זיך,
יעדער טאָג געווען א מלך,
און געציערט זיך בלויז אין פּורפּור
און פערשווענדעט שטראַהלען פרעהליך, —

ביז פערשווענדעט אַלע שטראַהלען
אין פערשווענדערישען גלאַנצען:
אך, ווי גרינג אַן אַנדער מלך
קען פערליערען זיך אין גאַנצען!



Vol. XIX APRIL, 1914 No. 4

א. ליעסין

רוסלאנד און אמעריקא

נאך דער בהלה אין קיעוו איז געקומען די בהלה אין פאסטאוו. נאך דעם ביילים־פראצעס מיט אלע זיינע מיטעל־אלטערליכע שרעקען האבען מיר דעם פאשקאוו־פראצעס מיט אזעלכע שרעקען, וועלכע מען האט ניט געוואוסט אפילו אין די ערגסטע צייטען פון מיטעל־אלטער. צו ערמארדען אויף דעם שוידערליכסטען אופן א אידיש קינד און אויפבלאזען נאך דערפון אן עלילת דם — דאס איז די עכט־רוסישע ערפינדונג פון 20־טען יאהרהונדערט.

עס קומט אן פסח, דער יום טוב פון פריהלינג, פון פרייהייט — דעם יום טוב פון פריהלינג אין דער אידישער גאס, וואו קיין סימן פון א פריהלינג דרינגט ניט אריין, דער יום טוב פון פרייהייט פאר א פאלק, וואס שלעפט זייט טויזענדער יאהרען די קייטען פון גלות. און צוזאמען מיט דעם הויכען עלענד פון דיעזען זאנדערבארען יום טוב גיסט זיך אויס אויף דער אידישער גאס, אויפ'ן אידישען פאלק די תוכחה — די ערגסטע קללה פון דער תוכחה: „עס וועט דיך יאגען א שארך פון א פאלענדען בלעטעל, דיין לעבען וועט דיר הייגגען אנטקעגען און דו וועסט זיך שרעקען טאג און נאכט.“

אין די לילי שמורים, אין די נעכט פון די סדרים, ווען אידען, זאגט מען, זיינען אויסגעהיט פון מזיקים, וועט ביי מיליאנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער דאס לעבען הייגגען אנטקעגען, עס וועט זיי איינגעהן דאס הארץ פון יעדען שארך.

שטאלין בלומרישט וועלען זיי זיצען אויף די הסב־בעטען; ווי עכטע בני יחידים, מיט ברייטקייט, בקול רם וועלען זיי אויסרופען דעם „שפוך חמתך“. און ווען זיי וועלען געהן עפענען די טהיר פאר אליהו הנביא, וועלען זייערע בליקען אומבלאנזשען אין טויט־שרעקעניש, צו וועלען זיך פלוצלונג ניט אריינרייסען פאליציי־באשיבוזוקעס, כוליגאנעס, פאגראמשציקעס.

* * *

6 מיליאן אידישע נפשות לעבען איצט אבער אין רוסלאנד אזעלכע טויט־שרעקעניש. די רוסישע צייטונגען ברייגגען אונז טאג טעגליך ידיעות איינע פון די אנדערע פינסטערער. עס געהט ניט אוועק דער טאג, ווען עס זאל ניט האגלען אלץ מיט נייע און נייע גזרות, ווען עס זאלען ניט אויסברעכען אלץ נייע און נייע עלילת דם־שרעקען, פאגראם־שרעקען.

אומזיסט וועט איהר אבער זוכען דיעזע ידיעות אין דער היגער ענגלישער פרעסע. איהר וועט עס ניט געפינען. דער בלוט־בלבול אין קיעוו איז נאך געוועזן א סענזיישאן. אויב אבער די בלוט־בלבולים ווידערהאלען זיך, דאן הערען זיי שוין אויף צו זיין א סענזיישאן. און דער פיעל שרעקליכערער בלוט־בלבול אין פאסטאוו האט שוין געפונען זעהר א שוואכען אבקלאנג אין דער ענגלישער פרעסע. אזא שוואכען אבקלאנג האבען אויך די אלע אנדערע טאג־טעגליכע בלוט־בלבולים און גזרות און רציחות.

און שולדיג אין דעם זיינען מיר אליין, די אידען פון אמעריקא.

עס איז בעוואוסט, אז די אנטיסעמיטען האבען וועגען אונז, אידען, אין געוויסע פרטים א פיעל בעסערע מיינונג, ווי מיר פערדיענען עס. אט דער רוסישער אנטיסעמיט דענקט, צ. ב. ש., אז יעדער איד אין אמעריקא לעבט נור פאר'ן קאמפף געגען דער רוסישער רעגיערונג, אז ער טהוט נור און דאגה'ט, ווי אם ערגסטען צו פערשווארצען די רוסישע רעגיערונג פאר דער עפענטליכער מיינונג פון אמעריקא.

איז עס אזוי? האבען מיר, די 3 מיליאן אידען פון אמעריקא, ווירקליך אזוי פיעל ענערגיע, בירגער־מוט, פאליטישען פערשטאנד?

מיר וואהנען איצט אין א פרייען לאנד, וואו צו יעדער שטימע הערט מען זיך צו, וואו יעדע שטימע ווערט געצעהלט. און ווען מיר וואלטען אויפגעהויבען אונזערע שטימען און ווען מיר וואלטען אנגעפאנגען א ענערגישע און ארגאניזירטע טהעטיגקייט, דאן וואלטען מיר געצוואונגען די היגע ענגלישע פרעסע צו ריידען און צו דערצעהלען וועגען די אלע שרעקליכע, בלוטיגע מעשים וואס טהוען זיך אפ אין רוס־

לאנד; דאן וואלטען מיר דערגרייכט און אויפגעשווידערט דעם געוויסען פון דעם אמעריקאנער פובליקום. און דער אמעריקאנער וואלט זיך אפגעקעהרט מיט עקעל פון יעדען איינציגען, וואס האנדעלט מיט דער רוסישער רעגיערונג, ווי מיט א ציוויליזירטער רעגיערונג. אויף אזוי וויים גלויבען מיר נאך אין דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער. אויף אזוי פיעל לעבען נאך ווירקליך די איידעלע פרייהייטס־טראדיציאנען אין די גרויסע מאסען פון אמעריקאנער פאלק.

און מיר דארפען ניט פערגעסען, אז ווען מיר שווייגען, דאן שווייגט אבער ניט די רוסישע רעגיערונג. איהרע גוט־בעצאהלטע אגענטען ארבייטען דא איבער'ן גאנצען לאנד און אויף אלערליי אופנים. און יעדער זיעג פון דער רוסישער רעגיערונג אין איהרע אנשטריינגונגען צו געווינען די עפענטליכע מיינונג פון אמעריקא וואלט געוועזן פאר אונז די מיאוס'טע נידערלאגע. יעדע אנערקענונג, וואס די רוסישע רעגיערונג קריגט דא, איז א ביטערער פארוואורף פאר אונז; יעדער אויסדרוק פון רעספעקט צו איהר הייסט אויסדרוק פון פעראכטונג צו אונז; יעדער לויב־געזאנג צו איהר הייסט א לויב־געזאנג צו אונזערע פערפאלגער און קוילער און ווערגער.

אט נעהמען מיר, למשל, די „אסאסיישעד פרעס". מיר אלע ווייסען, ווי שלעכט די גרויסע נייעס אגענטור אינפארמירט דעם אמעריקאנעם לעזער וועגען דער אמת'ער לאגע אין רוסלאנד, ווי מען מאכט דארט אוועק כלאחר יד די וויכטיגסטע אידיש־רוסישע נייעס. און די נאכריכטען, וואס געהען שוין יע דורך דיעזע אגענטור, זיינען אפטמאל געפארבט צו גונסטען דער רוסישער רעגיערונג; עס מאכט צומאל דעם איינדרוק, אזוי ווי מען וואלט זיי צוגעפיקסט אין א רוסישער קאנצעליאריע. פערשטעהט זיך, די ענגלישע צייטונגען וואלטען זיך דורכאוים ניט ערלויבט אזעלכע געמיינע שטיק וועגען אירלאנד, ווען אפילו זייערע אירישע לעזער וואלטען בלויז געוועזן א צעהנטעל פון זייערע אידישע לעזער. געגען אונז אבער ערלויבט מען זיך אלעס.

און אט אזא זשורנאל, ווי די „סענטשורי", איז ארוים די טעג מיט א העכסט ליגנערישען ארטיקעל וועגען רוסלאנד, פול מיט לויבגעזאנג צו דער רעגיערונג פון צאר, וואו עס ווערט פערדאמט די האנדלונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, הלמאי מען האט אפגעבראכען די טריטי מיט רוסלאנד. און ווען א בעוואוסטער אידיש־ענגלישער זשורנאליסט האט געוואלט ענטפערן אויף דעם ארטיקעל, האט מען דעם ענטפער ניט אנגענומען.

* * *

מיר ווילען ניט איבערטרייבען די ווירקונג פון אונזערע פראטעסטען. די לעצטע יאהרען בעזאנדערס האבען אונז געבראכט פיעלע און שווערע ענטטוישונגען. מיר האבען געזעהן, ווי לייכט די בורזשואזיע פון דער וועלט, אפילו די בורזשואזע דעמאקראטיע, איז בערייט יעדע צייט, אויב נור איהרע אינטערעסען פאדערן עס, צו פריינדלען זיך מיט'ן צאר; איז בערייט צו פערגעסען, אז פריינדשאפט צום צאר הייסט אויך פריינדשאפט צום קנוט פון קאזאק, פריינדשאפט צום שטריק פון תליון, פריינדשאפט צום מעסער פון פאגראמשציק.

מיר האבען עס שוין לאנג געזעהן אין דעם רעפובליקאנישען פראנקרייך, און די לעצטע יאהרען האבען מיר עס געזעהן אויך אין ענגלאנד — אין פרייסטען און פארטגעשריטענסטען לאנד, וואו די רוסישע ווילדהייטען האבען אימער בעגעגענט די ענטשלאסענסטע פערדאמונג. אויב מען דארף נאך האבען א בעשטעטיגונג צום קלוגען ווארט, אז דער וואונש איז דער פאטער פון געדאנק, אז מענשען דיינקען, ווי זייערע אינטערעסען פאדערן — דאן האבען מיר עס געזעהן אם קלארסטען אין דער העכסט כאראקטעריסטישער האלטונג פון די ענגלענדער צו רוסלאנד.

מיט 32 יאהר צוריק, אין צייט פון די ערשטע פאגראמען, איז דער ערשטער און גרעסטער פראטעסט־מיטינג אפגעהאלטען געווארען אין לאנדאן. דאס איז געוועזן דער בעריהמטער מיטינג אין מענשאן הויז, וואס האט אויפגערודערט די ציוויליזירטע וועלט. מיט א יאהר 10 שפעטער, נאך דעם גירוש מאסקווע, איז אפגעהאלטען געווארען אן עהנליכער פראטעסט מיטינג אין גוילד האל, און די אנגעזעהענסטע מענער פון ענגלאנד האבען זיך געקליבען ארויסצוטרעטען מיט א פעטישאן, און די רוסישע רעגיערונג איז געצוואונגען געוועזן ארויסצוקומען מיט א פראטעסט. און אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז מיט עטליכע יאהר צוריק. די גרויל־טהאטען פון דער רוסישער רעגיערונג האבען אימער ארויסגערופען אין ענגלאנד די ביטערסטע פראטעסטען און די רוסישע בעפרייאונגס־בעוועגונג — די ווארימסטע סימפאטיע.

פאר 32 יאהרען און פאר 22 יאהרען און ביז מיט עטליכע יאהר צוריק איז אבער ענגלאנד ניט פעראינטערעסירט געוועזן צו שאנעווען די רוסישע רעגיערונג. אין געגענטהייל, אין פערלויף פון יאהר־צעהנדליגע זיינען די בעציהונגען צווישען ענגלאנד און דעם אפיציעלען רוסלאנד געוועזן זעהר אנגעשטריינגט, כמעט פיינדליך. ענגלאנד איז פעראינטערעסירט געוועזן, אז די רוסישע רעגיערונג זאל גראדע דיסקרעדיטירט ווערען. פלעגען די ענגלענדער אויפגערעגט זיין פון די רוסישע ווילדהייטען און פערדאמען די רוסישע רעגיערונג און אפלאדירען די רוסישע בעפרייאונגס־בעוועגונג. אנ־

דערש איז אָבער געוואָרען די לאגע אין די לעצטע יאָהרען, ווען ענגלאנד איז געצוואונגען געווען צו זוכען די פריינדשאַפט פון דער רוסישער רעגיערונג.

ענגלאנד איז שוין פעראינטערעסירט געווען צו כשר'ן די רוסישע רעגיערונג. די מורא פאר דייטשלאנד איז געוואָרען אין ענגלאנד א מין נאַציאָנאַלע משוגעת. און אזוי ווי די „דייטשע געפאהר“ האָט געטריבען אין די ארעמס פון צאַר די פראַנצויזישע רעפובליק, אזוי האָט געטריבען די זעלבע „דייטשע געפאהר“ אין די ארעמס פון צאַר דעם פרייהייטס־ליעבענדען ענגלישען פאָלק. נאָך מעכטיגער פיעלייכט ווירקט דאָ דער העכסט אונרוהיגער צושטאַנד אין אינדיען. די פריינדשאַפט פון רוסלאנד ביי די גרענעצען פון אינדיען איז פאר ענגלאנד בעזאָנדערס וויכטיג. און פיעלע ענגלענדער, אפילו די ליבעראלע, אפילו די דעמאָקראטישע, האָבען אָנגעפאנגען צו דיינקען, אז רוסלאנד האָט שוין ענדליך א קאָנסטיטוציאָן, אז ניקאָלאַי איז אין ענגלאַנד צופיעל און העכסט אונגערעכט אַטאַקירט געוואָרען און די פיעל־פערשריענע רוסישע גרויל־טהאַטען זיינען גאָר קיין מאָל אין דער ווירקליכקייט ניט פאָרגעקומען.

און דאָס זעלבע האָבען מיר געזעהן ביז א געוויסען גראד אויך אין די פעראייניגטע שטאַאטען.

מיר האָבען עס שוין געזעהן אפילו אין די שרעקליכע טעג נאָך דעם קישינאָווער פאָגראָם, ווען די אויפרעגונג געגען אפיציעלען רוסלאנד האָט דאָ דערגרייכט דעם העכסטען פונקט. און מען האָט ערוואַרטעט, אז אָט־אָט און וואשינגטאָן וועט געבען אן איבערראַשענדען ביישפיעל דער ציוויליזירטער וועלט און וועט אָפען און הילכיג ארויסטרעטען מיט א פראָטעסט געגען די מעשים תעתועים פון דער פעטערבורגער רעגיערונג.

די אַמעריקאַנער פאָלקס־מאַסען, נאַטירליך, זיינען געווען דורכאויס אויפריכטיג אין זייערע פראָטעסטען געגען דער רוסישער רעגיערונג. זיי האָבען געזעהן פאר זיך די שוידערליכקייטען פון דעם פאָגראָם און זיי האָבען פון טיעפסטען הארצען דעם צאריזמוס פערדאמט. ניט אַזוי אויפריכטיג אָבער איז שוין געווען די אויפרעגונג פון די העכערע קרייזען, פון דער אַמעריקאַנער גרויס־בורזשואַזיע און פון דער אמעריקאַנער רעגיערונג, וואָס שטעהט אינ'ם דיענסט פון דער גרויס־בורזשואַזיע. דיעזע אויפרעגונג האָט שוין געהאַט אויך א לינקע זייט, אַ קעשענע־אינטערעס.

רוסלאַנד האָט דאַן פערכאַפּט מאַנדזשוריא און געקליבען זיך צו פערקלאַפּען דאָרט טהיר און טויער פאר'ן מסחר פון אַנדערע מלוכות. דאָס איז בעזאָנדערס ניט געפעלען געוואָרען דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקא, וואָס האָט נאָך דער ערָאָבערונג פון די פיליפינען געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף די מערק פון ווייטען מזרח. און אין דער אויפרעגונג צוליעב דעם פאָגראָם האָט זיך געהערט דער אבקלאנג פון דער אויפרעגונג צוליעב מאַנדזשוריא. און ווען אין וואשינגטאָן האָט מען זיך געקליבען צו פראטעסטירען געגען צאַר, האָט מען פון פעטערבורג א וואונק געטהאָן, אז אַמעריקא קען דאָ עפּעס אויסדינגען, אבי נור זי זאָל ניט אויפרייסען די וועלט מיט איהרע פראָטעסטען.

דאָס איז געווען אַן עקעלהאַפטער שאַכער־מאַכער אויף די בלוטען פון די אידישע הרוגים. די אויפרעגונג צוליעב דעם פאָגראָם איז איינגעשטילט געוואָרען און פון דעם פראטעסט געגען צאַר איז גאָרנישט געוואָרען, ווי נור די רוסישע רעגיערונג האָט פערשפּראָכען צו עפענען פאר אמעריקא אייניגע האפענס אין מאַנדזשוריא.

רוסלאנד איז נאָך אָבער דאַן געווען אלמעכטיג, און די רוסישע רעגיערונג האָט זיך מיט דער אַמעריקאנער דיפּלאָמאטיע פיעל ניט צערעמאָניעט. זי האָט איהרע הבטחות ניט געהאַלטען. און די בלאָפס און די דריידלאך פון די רוסישע דיפּלאָמאטען האָבען ענדליך ארויסגערופען אויך אין די העכערע אַמעריקאנער קרייזען אן אויפריכטיגע פעראכטונג צו דער רוסישער רעגיערונג. די בעציהונגען צווישען וואַשינגטאָן און פעטערבורג זיינען געוואָרען אלץ אנגעשטריינגטער. און ווען עס האָט אויסגעבראָכען די מלחמה אויפ'ן ווייטען מזרח, האָט שוין די אָפיציעלע אַמעריקא, אזוי ווי די אמעריקאנער פאָלקס־מאַסען, הערצליך סימפּאַטיזירט מיט דעם מיקאדא.

און דזשייקאָב שיף האָט דאַן געמאַכט זעהר אַ וויכטיגע הלואה פאַר יאפּאַן.

אָבער אויך די יאפּאנישע רעגיערונג, נאָך איהר גלענצענדען נצחון, האָט ניט געעפענט די טהיר פאר'ן אַמעריקאנער געלט־זאק אויפ'ן ווייטען מזרח. די יאפּאנישע קאפּיטאליסטען האָבען געוואָלט אויסנוצען די פרוכט פון דעם נצחון פאר זיך, זיי האָבען געוואָלט אויסנוצען די מערק פון מאנדזשוריא און קארעא פאר זיך און ניט פאר די אַמעריקאנער קאפּיטאליסטען. און עס איז אינטערעסאנט געווען צו זעהן, ווי די שטימונג אין אמעריקא האָט זיך ווידער אומגעענדערט. אזוי ווי פריהער האָט די קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקא הערצליך סימפּאטיזירט מיט יאפּאן, ווען רוסלאנד איז געווען געגען אַן אָפענער טהיר אין מאַנדזשוריא, אזוי האָט נאַכהער די קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקאַ אָנגעפאנגען צו סימפּאַטיזירען הערצליך מיט רוסלאַנד, ווען דער געגנער פון אן אָפענער טהיר איז געוואָרען יאפּאַן.

די קאָנטער־רעוואָלוציאָן האָט געבושעוועט אין רוסלאנד פירכטערליך. דאָס האָט אָבער ניט אויסגעמאַכט. אין געגענטהייל, דאָ איז גאנץ בעשטימט ארויסגעקומען, אז פאָרלויפיג איז נאָך די רוסישע רעגיערונג שטארקער פון רוסישען פאָלק. פון דעם צאר האָט מען געקענט ערווארטען די נקמה־מלחמה געגען יאפאן. דעם צאר האָט מען שוין ממילא גענומען בעטראַכטען אלס פריינד פון די אמעריקאנער אינטערעסען אויפ'ן ווייטען מזרח. און די פריינדשאפט צו דער רוסישער רעגיערונג האָט גענומען שטייגען צווישען די אמעריקאנער טראָסט־מאגנאטען. טעפט, דער פרעזידענט־קאנדידאט, האָט געמאַכט א וויזיט אין פעטערבורג און פריינדליך געדריקט די בלוטיגע האנד פון צאר. און א גרויסער טהייל פון דער פרעסע, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון דער גרויס־בורזשואזיע, האָט גענומען בעארבייטען די עפענטליכע מיינונג צו גונסטען פון צאר.

און די ניי־געשלאָסענע ענגליש־רוסישע פריינדשאפט האָט נאָך צוגעגעבען דעם ענין א געוויסען הכשר. ענגלאנד איז נאָך ביז היינטיגען טאָג געבליבען א מוסטער פאר אמעריקא, בעזאָנדערס אין העכערע, אין מאָראלישע אנגעלעגענהייטען. ענגלאנד האָט זיך געעפענט פאר די רוסישע הלואות. און עס האָט שוין געהאלטען גאנץ נאָהענט, אז אויך די אמעריקאנער פאקעטס, אזוי ווי די אמעריקאנער הערצער, זאָלען זיך ברייט אויפעפענען פאר'ן צאר.

דאָ איז אָבער געשעהן עטוואָס, וואָס מען האָט גאָרניט ערווארטעט: רוסלאנד האָט גענומען און געשלאָסען אן אָפּמאַך מיט יאפאן.

נאָך דעם פארטסמוטער שלום איז א וויכטיגער טהייל פון מאנדזשוריא געבליבען נאָך אלץ אונטער רוסלאנד'ס קאָנטראָלע. און רוסלאנד, אזוי ווי יאפאן, האָט גאָרניט בדעה געהאט צו עפענען פאר'ן אויסלענדישען געלט־זאק איהר טהייל אין מאנדזשוריא. ביידע מלוכות האָבען בעשלאָסען צו שיצען זייערע אינטערעסען אויפ'ן ווייטען מזרח מיט פעראייניגטע קרעפטען. און ווען סעקרעטערי נאקס, דער טרייער קלערק פון די טראָסטס אין אמט פון אויסערן מיניסטער, האָט זיך געווענדט צו רוסלאנד און יאפאן מיט א געוויסען פאָרשלאג צו בעוואָרענען אין מאנדזשוריא פאר'ן אמעריקאנער קאפיטאליסט אייזענבאהנען און א פרייע האנד, האָבען ביידע מלוכות אָהן צערעמאָניעס דעם פאָרשלאג צוריקגעוויזען. דאָס האָט אָפּגעקלונגען, אזוי ווי א פאטש. געגען פעראייניגטען כוח פון רוסלאנד און יאפאן האָט אָבער וואשינגטאָן גאָרנישט געקענט טהאָן. מען האָט דעם פאטש אראָפּגעשלונגען און אלע אויסזיכטען און פלענער אין מאנדזשוריא אויפגעגעבען.

דאַן, אין דער ריכטיגער צייט, האָט א גרופּע איינפלוסרייכע יהודים, מיט לואי מארשאל בראש, אָנגעפאנגען איבער'ן גאנצען לאנד אן ענערגיִשע אגיטאציאָן וועגען דער פאספאָרטען־פראגע, אז מען מוז די טריטי מיט רוסלאנד אָפּברעכען. דער מאָמענט איז געווען א פאסענדער. דער אמעריקאנער געלט־זאק איז געווען בעליידיגט אין זיינע בעסטע געפיהלען. און פרעזידענט טעפט האָט דאָ דערפיהלט א פרייע האנד; ער איז פריי געווען צו בערעכענען זיך, אז זיינע אויסזיכטען אויף א צווייטען טערמין וועלען זיין פיעל בעסער, אויב ער וועט מיט עפּעס־וואָס צוציהען צו זיך די מאסען אידישע בירגער אין די גרויסע געהעטאס פון ניו־יאָרק און שיקאגאָ און קליוולענד און סינסינעטי.

און די טריטי מיט רוסלאנד איז אָפּגעבראָכען געוואָרען.

* * *

דאָס אָפּברעכען פון דער טריטי איז ווירקליך געווען א מאָראלישער טריאומפף פון דער אידישער אמעריקא איבער די שווארצע כוחות פון צאר. דער אמעריקאנער געלט־זאק זוכט אָבער נור א דאָלאר־טריאומפף און ניט קיין מאָראלישען טריאומפף און זיכער ניט א אידישען מאָראלישען טריאומפף. און פון דער צאנקעריי מיט רוסלאנד קען ער שוין קיינע דאָלארס ניט געווינען. דאגעגען, ער קען דאָ נאָך פערליערען, די מערק אין רוסלאנד פערליערען. און דאָ קומט, מעשה שטן, די רוסישע רעגיערונג און ווינקט פערפיהרעריש מיט פיעלע און גראנדיעזע קאָנצעסיעס. דער אמעריקאנער קאפיטאל קען מאַכען אין רוסלאנד די גלענצענדסטע געשעפטען, אויב נור אמעריקא זאָל אויפאָפּפערן די אידישע פאספאָרטען־פראגע און איינגעהן אויף א נייע טריטי. נון, נעהמט מען זיך ווידער צו בעארבייטען די עפענטליכע מיינונג צו גונסטען דער רוסישער רעגיערונג. מיר האָבען שוין אויבען גערעדט וועגען דעם ארטיקעל אין „סענטשורי“. און אזעלכע ארטיקלען וועלען ערשיינען אלץ אָפטער, און אלץ פרעכער און העכער וועלען דאָרט קלינגען און בראזגען, אין יעדער שורה, אין יעדען וואָרט, די רוסישע רובעלס.

און מיר, די אידען פון אמעריקא, דארפען דאָ ניט בלייבען נאכלעסיג, גלייכגילטיג. מיר מוזען זיך שטעלען אויפ'ן וואך, פעסט און מוטהיג, צווישען די קעשענע־אינטערעסען פון דעם אמעריקאנער געלט־זאק און דעם געוויסען פון די גרויסע מאסען פון אמעריקאנער פאָלק.

אין אייראָפּא זיינען די סאָציאליסטען איצט די איינציגע, וועלכע הערען ניט אויף צו דערמאָנען די ציוויליזירטע פעלקער, ווער עס איז דער צאר פון אלע רוסען, אז צו־

זאַמען מיט דער קרוין טראָגט ער אויף שטאָלץ דעם בעדזש פון דער רוצחים־באַנדע פון „פעראיין פון רוסישען פאָלק“. די סאָציאַליסטען זיינען דאָרט די איינציגע, וועלכע הערען ניט אויף צו דערמאַנען ווידער און ווידער, אז פריינדשאַפט צו דער רוסישער רעגיערונג הייסט אויך פריינדשאַפט צו אַלע מיני אכזריות'ן, פּאָגראָמען, בלוט־בלבולים, טיורמע־אינקוויזיציאָנען, מלאך המות־געריכטען, הריגות און תליות, הריגות און תליות.

אין אמעריקא האָבען מיר נאָך ניט פאָרלויפיג אַזאַ איינפלוסרייכע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, אפילו ניט ווי אין ענגלאַנד. די לאַגע איז אָבער דאָך פיעל גינסטיגער ביי אונז אין אמעריקא. די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען נאָך פאָרלויפיג ניט אַריינגעצויגען אין דעם פלאָנטער פון דער וועלט־פּאָליטיק, אזוי ווי די אייראָפּעאישע מלוכות. די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען ניט געצוואונגען צו זוכען אום יעדען פּרייז רוסלאַנד'ס פריינדשאַפט, אַזוי ווי פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד. און מיר, די אידען פון אַמעריקאַ, קענען פיעל ענטשלאָסענער בעקעמפפען דאָ דעם איינפלוס פון דער רוסישער רעגיערונג ; מיר קענען פיעל לייכטער אויפווייזען, אז דער אינטערעס פון די מאָרגאַנס און די ראקעפעלערס אין דעם צאַר'ס פריינדשאַפט איז נאָך ניט דער אינטערעס פון אמעריקאַנער פאָלק ; מיר קענען דאָ אויף אזוי פיעל דיסקרעדיטירען די רוסישע רעגיערונג, דאָס אפילו די מאָרגאַנס און די ראקעפעלערס זאָלען קיין חשק ניט האָבען אַרויסצוטרעטען עפענטליך אַלס איהרע פריינדע.

און די ברענענדע פּראָטעסטען, וואָס מיר וואָלטען דאָ אָנגעצונדען, וואָלטען זיך שוין געמוזט אָפּרופען אויך אין די איבעריגע לענדער פון דער ציוויליזירטער וועלט און וואָלטען דאָך פערשאַפט געוויסע אונאַנגענעהמליכקייטען די אויבער־תלינים אין פעטערבורג.

מיר, די אידען פון אמעריקא, די מיליאָנען פערביסענע פיינד פון דער רוסישער רעגיערונג, האָבען עס אָבער ביז איצט ניט געטהון. איינצעלנע יהודים האָבען דאָ יע עפּעס אויפגעטהון, אָבער ניט די גרויסע מאַסען אונזערע. אפילו אונזערע ראַדיקאַלען האָבען דאָ אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן זייער פפליכט ניט געטהאָן. מיר האָבען דאָ ניט אפילו אַ צייטשריפט, וואָס זאָל אַרויסגעגעבען ווערען מיט'ן ספּעציעלען צוועק אויפצודעקען אַלע העלישע מעשים פון דער רוסישער רעגירונג. ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך האָבען עס יע און אמעריקא ניט. מיר האָבען דאָ הונדערטערליי מינים אָרגאַניזאַציאָנען ; מיר האָבען אָבער ניט אַזאַ נויטיגע, אַזאַ וויכטיגע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס זאָל שטעלען זיך נור איין איינציגען צוועק: צו דיסקרעדיטירען אויף אַלערליי אופנים די רוסישע רעגיערונג אין די אויגען פון אמעריקאַנער פאָלק.

עס איז אַ שאַנד און אַ וועהטאָג !

יהואש

שאַטענס

1.

אַ בלינדע טויבע נאַכט . . .
און שטום,
אַן איינזאַם אויג שווימט אום,
און קוקט אויף מיר און וואַכט . . .
און ניט עס וויינט און ניט עס לאַכט,
און ניט עס שטראָפט און ניט עס שפעטט,
און ניט עס בעט . . .
און ניט עס מאָהנט . . .
נאָר שפוקט אַרום פון אָרט צו אָרט,
און שפּיאָנט —
אַמאָל פון דאָ, אַמאָל פון דאָרט,
אַמאָל פון וויט, אַמאָל פון נאָהנט . . .

2.

געפאַלען איז אַ שאָטען אויף מיין שוועל,
און קיין געשטאַלט איז ניט אַריינגעקומען,
געהערט האָב איך דאָס שוימען פון אַ וועל,
און קיינער איז צום ברעג ניט צוגעשוואָרמען...

מיין זעעל, מיין מידע זעעל,
וועסט אויביג, אויביג וואַכען,
און אויביג, אויביג פרעגען,
און תמיד וועט אנטקעגען
דאָס לעבען שטעהן, און לאַכען —
מיין זעעל, מיין מידע זעעל . . .

אַ פאַדעם האָט פון קנויל זיך אָפּגעדריבעלט,
און איז אין דונקעלהייט צו מיר דערגאַנגען,
האָב איך מיט מיה געצויגען און געגריבעלט
און האָב אַרויסגעצויגען — שלאַנגען . . .

מיין זעעל, מיין מידע זעעל,
האָסט דריבלענדיג אין פינסטערניסען,
דיין אייגענעם געוועב צוריסען —
מיין זעעל, מיין מידע זעעל . . .

הלל ראגאף

א יאָהר ווילסאָן

פאַר עלעקשאָן האָבען ווילסאָנ'ס רעפובליקאנישע געגנער חוזק געמאכט פון איהם. זיי האָבען איהם גערופען „פּראָפּעסאָר", „לעהרער", „מלמד". זיי האָבען דערמיט געמיינט צו זאָגען, אַז ווילסאָן איז ניט מעהר ווי אַ טעאָרעטיקער, אַ דענקער און אַז זיין פּראַקטישע ערפאהרונג האָט ער געהאַט בלויז מיט יונגע קינדער און מיט עטוואס עלטערע סטודענטען. זיי האָבען געפרעגט, ווי קומט אזא מאָן צו ווערען דער פיהרער פון לאַנד. ווי קען מען איהם אנפערטרויען די רעגירונג נאָך אין אזא צייט ווי די איצטיגע, ווען אונרוה און אונצופרידענהייט הערשט איבעראַל?

איצטער נאָך דעם ערשטען יאָהר פון ווילסאָנ'ס אדמיניסטריישאָן, הערען מיר פון זיינע רעפובליקאנישע געגנער גאַנץ אַנדערע פּראָטעסטען. זיי ערקלערען, אַז ער איז אַ דעספּאָט אין זיין פּאַרטיי, אַז ער הערשט אין וואשינגטאָן מיט אַן אייזערנע האַנד, אַז ער איז ניט בלויז דער פּרעזידענט, נאָר אויך דער קאָנגרעס; אַז ער בענוגענט זיך ניט מיט דורכפיהרען די געזעצע, נאָר ער צווינגט די געזעצמאַכער זיי זאָלען אננעהמען די בילס, וועלכע געפעלען איהם, און דורכוואַרפען די בילס, וואס געפעלען איהם ניט. און זיין קראַפט איז אזוי גרויס, דאָס זאָגאַר די רעפובליקאַנער אין קאָנגרעס קענען זיך קוים שטעלען געגען איהם.

און דער „מלמד" פון ערב עלעקשאָן ווערט איצטער פון זיינע געגנער אָפּגעמאָהלען אַלס דער כיטרעסטער, דער קליגסטער פּאָליטישען, וואס וואשינגטאָן האָט געהאַט זייט פיעלע, פיעלע יאָהרען. ביז מיט דריי יאָהר צוריק, האָט זיך ווילסאָן קיינמאָל אין פּאָליטיקס ניט געמישט — פון דעסטוועגען ווייס ער יעדען טריק, יעדען בויג און קנייטש אין פּאָליטישער קונצענמאַכעריי. ער פערשטעהט ווי צו האַנדלען מיט פּאָליטישע שונאים און פּאָליטישע פריינד. ער ווייס ווי צו מאַכען אַן איינדרוק אויפ'ן גרויסען עולם. ער פערשטעהט ווי צו בענוצען זיין מאַכט און איינפלוס אויפצובויען אַ מאשין פאַר זיך — אַ מאשין, וואס וועט איהם העלפען קריגען אַ צווייטע נאָמינייש אָן אין דריי יאָהר ארום.

ווילסאָן האָט „דיסאַפּאָינטעט" זיינע רעפובליקאנישע געגנער. זייערע נביאות וועגען איהם זיינען אויף אַ האָאַר ניט מקוים געוואָרען. מען קען ניט וויסען וואָס ווייטער וועט זיין, אָבער ווי עס האַלט איצטער, איז דאָס פאָלק מיט ווילסאָן צופריעדען. די רעפובליקאנער האָבען געהאָפּט, אַז ווילסאָן זייענדיג אַ טעאָרעטיקער וועט איינפיהרען רעפאָרמעס, וועלכע וועלען אין פּראַקטישען לעבען ענטוועדער קיין שום ווערטה ניט האָבען אָדער אָנמאַכען אַ גאַנצען חורבן. זיי האָבען געמיינט, אַז דער „פּראָפעסאָר", מיט זיינע „פּראָגרעסיווע" געדאַנקען, וועט וויינינגסטענס אויפרייצען געגען זיך דעם צאָרן פון וואָל סטריט, פון גרויסע און קליינע ביזנעס־לייט. זיי האָבען געגלויבט, אַז ער וועט זוכען דורכצופיהרען די אונמעגליכע רעפאָרמעס, וועגען וועלכע די פּאָרשטעהער פון די מיטעלע ביזנעסלייט אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבען אימער גע'דרש'ענט, אַז ער וועט, הייסט עס, פּרובירען צו דרעהען אויף צוריק דעם ראָד פון אינדוסטריעלער ענטוויקלונג און דערמיט אויפטרייסלען די גאַנצע ביזנעס געביידע פון לאַנד און ארויפציהען אויף זיין קאָפּ דעם צאָרן פון אַלעמען, אי פון די רייכע, אי פון די ארימע. די אַלע מיינונגען און האָפנונגען זיינען אָבער אין דעם איין יאָהר פערניכטעט געוואָרען. גרויסע „ביזנעס" זיינען איצטער גאַנץ פריינדליך צו ווילסאָן און ווילסאָן איז גאַנץ פריינדליך צו זיי. די מיטעלע ביזנעס־לייט קוקען אויף איהם נאָך אַלץ ווי אויף זייער ערלעזער. און די גרויסע מאַסען, די פאַרמערס און די ארבייטער, זיינען איהם דאַנקבאַר פאַר די ביסעל פריינדשאַפט, וואָס ער האָט זיי ארויסגעוויזען, און זיינען פול מיט האָפנונג, אַז ער וועט נאָך פאַר זיי טהאָן און טהאָן אין די קומענדע דריי יאָהר פון זיין הערשאַפט.

* * *

דער ערשטער איינדרוק, וואָס אַ נייער בעאַמטער מאַכט, איז פאַר איהם פון העכסטער וויכטיגקייט. דיזער איינדרוק בלייבט איינגעקריצט אין די מוחות פון עולם אויף אַ פיעל לענגערע צייט, ווי די נעכסטע איינדריקע.

אין דיזער הינזיכט האָט ווילסאָנ'ען זעהר שטאַרק אָבגעגאָלטען. דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האט אויפ'ן פאלק געמאַכט, איז געווען זעהר א גוטער.

ערשטענס, איז דעם אַמעריקאַנער עולם שטאַרק געפעלען געוואָרען, וואָס ער האָט זיך גענומען צו ערנסטער אַרבייט גלייך ווי ער איז אין אַמט אַריינגעטראָטען. ער האָט ניט געוואַרט ביז דעצעמבער, ווען די רעגולערע זיצונגען פון קאָנגרעס דאַרפען זיך אָנפאַנגען, נור ער האָט גלייך אויפ'ן נעכסטען מאָנאַט פעררופען א ספעציעלע זיצונג און ער האָט גענומען דורכפיהרען דעם פונקט אין דער דעמאָקראַטישער פּלאַטפאָרם, וועלכען דער עולם האָט בעטראַכט אַלס דעם וויכטיגסטען — נעמליך, די טאַריף רעפאָרם.

און, צווייטענס, האָט ער אַלעמען בעגייסטערט מיט דער אַרט און ווייזע, ווי אַזוי ער האָט די רעפאָרם דורכגעפיהרט. דער אַמעריקאַנער האָט ליעב פּראַקטישע אַרבייט. דעבאַטען און אַרגומענטען קאָן ער ווייניג וואָס דולדען. ווילסאָן האָט די טאַריף־רעפאָרם געמאַכט פאַר א געזעץ אין א מערקווירדיג קורצער צייט. ער האָט אַלעס כמעט אַליין געטהאָן. ער האָט אָבגעהאַלטען קאָנפערענצען מיט די פיהרער פון די ביידע הייזער פון קאָנגרעס. ער האָט זיי פעסט און דייטליך ערקלעהרט, וואָס ער וויל די טאַריף־רעפאָרם זאָל ענטהאַלטען און וואָס ניט. און דיזע פיהרער האָבען זיין ווילען פינקטליך דורכגעפיהרט.

מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז ביים גרויסען עולם איז עס אַריינגעהאַקט געוואָרען אין די קעפּ, אַז דער הויכער טאַריף איז שולדיג געווען אין דעם שרעקליכען יקרות אויף לעבענס־מיטעל. די דעמאָקראַטען, די זאָגענאַנטע פערטרעטער פון די גרויסע מאַסען, האָבען דיזען געדאַנק צופּויקט און צובומט די אַלע יאָהרען, וואָס די רעפּובליקאַנער האָבען געהערשט אין וואַשינגטאָן. ווען ווילסאָן האָט אַלזאָ דעם טאַריף ענדליך פערקלענערט אויף 26 ביז 40 פּראָצענט, זיינען פיעלע מיליאָנען בירגער אין לאַנד געווען איבערצייגט, אַז די ישועה איז געקומען, אַז באַלד, באַלד וועלען לעבענס־מיטעל אָנפאַנגען ביליגער צו ווערען; און זיי האָבען אין זייערע הערצער באַצייטענס גענומען דאַנקען און בענשען זייער נייעם פּרעזידענט.

און דאַנקבאַר איז דער גרויסער עולם אויך דעם פּרעזידענט געווען פאַר די צווייטע רעפאָרם, וואָס איז מיט דער טאַריף־רעפאָרם מיטגעגאַנגען — נעמליך, די פּראַקטיישע דורכפיהרונג פון דעם אינקאָם־טעקס. די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי איז אויך געווען פאַר'ן אינקאָם־טעקס; און דאָס האָט אייגענטליך מעגליך געמאַכט, דער קאָנסטיטוציאָנעלער אַמענדמענט זאָל דורכגעהן און דער אינקאָם טעקס זאָל ווידער פון סופרים קאָורט ניט גע'פסל'ט ווערען אַלס אונקאָנסטיטוציאָנעל. אָבער אַלע האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אונטער א רעפּובליקאַנישער אַדמיניסטריישאָן וואָלט דער אַמענדמענט פערבליבען א טויטער בוכשטאַב. די פיהרער פון דער פּאַרטיי האָבען עס קלאָר געמאַכט, דאָס די רעפּובליקאַנער וועלען זיך מיט'ן אינקאָם־טעקס בענוצען בלויז אין פאַל פון א נויטה, ווען דאָס לאַנד וועט מוזען האָבען געלד און וועט עס אויף קיין אַנדער וועג ניט קענען בעקומען.

דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט האָט אָבער דעם אינקאָם טעקס בענוצט פאַר א ווירקליך ראַדיקאַלען צוועק. ער האָט דורך איהם אַרויפגעלעגט א גאַנץ היבשען טעקס אויף די שולטערן פון די רייכע. דער חשבון, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר'ן גרויסען עולם, איז געווען זעהר א שעהנער. ער האָט ערקלערט, אַז ער האָט אַראָבגענומען א טעקס פון גרויסען עולם — דער טאַריף איז פּאַקטיש געווען א טעקס אויפ'ן פאָלק, וואָס האָט די לעבענס־מיטעל געקויפט — און האָט דעם טעקס אַרויפגעלעגט אויף די רייכע, אויף די פערדיענסטען זייערע.

אָט דאָס איז געווען ווילסאָנ'ס ערשטע שטיקעל אַרבייט. קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אַזוי אויסגענומען ביים פאָלק.

א וואונדער איז נור געווען, וואָס די רייכע, וועמען ער האָט, דאַכט זיך, מיט דיזען דאָפּעלטען געזעץ געגעבען אַזאַ קלאַפּ, האָבען זיך אויך דאָס ניט גענומען צום האַרצען. ווען די טאַריף־רעפאָרם איז אין דער פּרעסע דעבאַטירט געוואָרען, האָבען זיך געפונען א היבשע ביסעל גרויסע מיליאָנערען, וואָס זיינען געווען מיט'ן פּרעזידענט. אַפילו די געגנער האָבען אויך ניט שטאַרק פּראָטעסטירט. דער אינקאָם טעקס האָט שוין יאָ ערוועקט א פּאַר איבעל צווישען די רייכע, אָבער אויך ווייניגער, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען.

דאָס לאָזט זיך ערקלערען אויף אַזאַ אופן:

צוגלייך מיט דער טאַריף־רעפאָרם האָט ווילסאָן דורכגעפיהרט דורכ'ן קאָנגרעס א צווייטען ביל, מיט וועלכען ער האָט זיך שטאַרק איינגעקויפט אין לאַסקע ביי די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער. דאָס איז דער „סאָנדרי אַפּראָפּריאיישאָן ביל“ מיט דעם אַמענדמענט, אַז דאָס געלד, וואָס דיזער ביל בעוויליגט — אויף צו פערפאָלגען געזעצליך די יעניגע, וועלכע איבערטרעטען דעם אַנטי־טראָסט געזעץ, זאָל ניט בענוצט ווערען געגען יוניאָנס און געגען אַסאָסיאיישאָנס פון פאַרמערס. ווילסאָן האָט געהייסען דעם קאָנגרעס, ער זאָל אָננעהמען דעם ביל, טראָץ די ריזיגע פּראָטעסטען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע.

דאַכט זיך גוט ? לאָזט אָבער ווילסאָן אַרויס, ביים אונטערשרייבען דעם ביל, אַן

ערקלערונג, וואָס האָט אַלעמען ערשטוינט. דאָ האָט זיך צום ערשטען מאָל ארויסגעשטעלט דער אמת'ער ווילסאָן. ער האָט געזאָגט: ערשטענס, אז ער האָט זיך ניט געקענט העלפען; דער עצם ביל איז גוט און צוליעב דעם אמענדמענט ניט אונטערשרייבען דעם ביל איז ניט פּראַקטיש. צווייטענס, אז ווען דאָס געלד, וואָס דיזער ביל בעוויליגט, וועט ניט טאָרען בענוצט ווערען צו משפט'ען יוניאָנס פאַר איבערטרעטען דעם אַנטי־טראָסט געזעץ, הייסט עס נאָך ניט, אז די יוניאָנס זיינען פריי פון דיזען געזעץ. פאַר דיזען צוועק וועט זיך געלד געפינען פון אַנדערע קוועלען.

דער ערשטער פּונקט אין זיין ערקלערונג איז געווען איינפאַך אַ ליגען. דער קאָנגרעס וואָלט גערן דעם אמענדעמענט פון דעם ביל אויסגעשניטען, ווען ווילסאָן וואָלט נאָר געהייסען. דער פאַקט איז, אַז ווילסאָן האָט איינגעלאַדען צו זיך די פיהרער פון קאָנגרעס און האָט זיי אויסדריקליך געזאָגט, אז ער וויל דאָס דער ביל זאָל אָנגענומען ווערען אין זיין אָריגינעלער פאָרמע און די אָריגינעלע פאָרמע איז געווען מיט'ן אמענדמענט.

דער צווייטער פּונקט איז א פּאָליטישער שווינדעל פון דעם ביליגסטען סאָרט. ממה נפשך, האָט ווילסאָן געהאַלטען, אז יוניאָנס דאַרפען בעהאַנדעלט ווערען ווי טראָסטס, טאָ פאַרוואָס האָט ער אזוי שטאַרק געאַרבייט, אז יוניאָנס זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען פון דעם „אפּראָפּריאיישאָן ביל"; האָט ער געהאַלטען, אז יוניאָנס זיינען ניט קיין טראָסטס, טו ווי אזוי שיקט זיך עס, אַז מען זאָל זיי פערפאָלגען אלס טראָסטס און אז אויף דעם וועט געלד זיך געפינען?

דער תירוץ איז, אז דאָס איז ווילסאָן. ער איז ניט קיין שווינדלער און ניט קיין ליגנער. ער זוכט צופריעדען צו שטעלען אַלע עלעמענטען, אַלע קלאַסען; ער פיהרט ניט קיין קריעג מיט קיינעם: ניט מיט די טראָסטס און ניט מיט די יוניאָנס, ניט מיט די גרויסע ביזנעסלייט און ניט מיט די קליינע. דאָס איז אויך דער זין און דער מיין פון אַלע זיינע רייד אין האַנדלונגען. ער וועט אַלעמען בערוהיגען און בעשיצען, ער וועט אַלעמען וואָס צו־וואַרפען. דאָס איז ווילסאָנ'ס פּאַליסי, און ער איז טאַקע אין דעם אויפריכטיג. ער איז דאָך א געוועזענער לעהרער און אזוי פיהרט זיך א לעהרער, ווען ער וויל האַלטען אין אָרדנונג א קלאַס קינדער. גלייכע בעהאַנדלונג פאַר אַלע קינדער — סיי אין לויבען, סיי אין טאַדלען, סיי אין שטראַפען, סיי אין בעלוינען.

און דיזער לעהרער איז אן אויסגעצייכענטער פּאָליטישען, און ער ווייס ווי צו שפּיעלען דעם שווערען שפּיעל. געהט עס איהם גאַנץ גוט. ווייניגסטענס, איז איהם גוט גענגען דעם ערשטען יאָהר פון זיין פּרעזידענטשאַפט. די וויכטיגסטע זאַך, וואָס ווילסאָנ'ס אַדמיניסטריישאָן האָט אין איהר ערשטען יאָהר אויפגעטהאָן, איז געווען דער נייער קאָרענסי באָל. אז א רעפאָרם אין דעם בענקסיסטעם פון דיזען לאַנד איז נויטיג געווען, איז אַנערקענט געוואָרען פון אַלע פּאַרטייען. דער געלד־מאַרקעט ווערט קאָנטראָלירט אבסאָלוט פון א הייפּעלע מענשען אויף וואָל סטריט. דער געלד טראָסט איז די שרעקליכסטע מאַכט אין דיזען לאַנד. ניט נור די מיטעלע ביזנעסלייט, נור זאָגאר די גרויסע האָבען גענומען אין די לעצטע יאָהרען שרייען געגען איהם. די טעפט־אַדמיניסטריישאָן האָט שוין א היבשע ביסעל אויפגעטהאָן פאַר א קאָרענסי רעפאָרם. די רעפּובליקאַנער בעהויפּטען טאַקע, אז ווילסאָנ'ס ביל איז אין עצם א קאָפּיע פון דעם ביל, וואָס די רעפּובליקאַנער סענאַטאָרען האָבען אויסגעאַרבייט בעת טעפט איז נאָך געווען פּרעזידענט.

יעדענפאַלס דער ביל איז דורך ווילסאָנ'ס מיה געוואָרען א געזעץ און ווי ווייט קאַפּיטאַליסטישע רעפאָרמערס קענען געהן, איז דאָס געזעץ זעהר גוט. ער וועט זיכער אונמעגליך מאַכען פיעלע פון די קאָרופּטע מעטאָדען, וואָס די געלד־מאַגנאַטען פלעגען ביז איצט בענוצען אום צו בערויבען דאָס פּובליקום. דער הויפּט־ציעל פון געזעץ איז גראַמער צו מאַכען דעם געלד־מאַרקעט. די ביזנעס־וועלט ליידעט פון מאַנגעל אין געלד. הונדערטע מיליאָנען ליעגען אין די בענק און אין די אינשורענס־קאָמפּאַניעס און זיי אינוועסטען זיי — ניט אין עהרליכע, נויטיגע ביזנעס און אינדוסטריען, וואָס זיינען וויכטיג פאַר'ן עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד, נור אין אונטערנעהמונגען, וואָס וועלען זיי, א געצעהלטע הייפּעלע מענשען, אריינברענגען אונגעהייערע פּראָפיטען. אזעלכע מעטאָדען רופען עס ארויס די קריזיסען אין לאַנד — דעם איצטיגען, אזוי גוט ווי דעם קריזיס פון 1907. גרויסע קאַפּיטאַלען זיינען בעגראָבען געוואָרען אין אַלערליי אויפגעבלאָזענע אונטערנעהמונגען, און די קאַסעס פון די בענק און אינשורענס־קאָמפּאַניעס, די הויפּט קוועלען פון געלד, זיינען פּוסט. צוליעב דעם זיינען אויך די אינדוסטריען פּאַראַליזירט.

אונטער דעם נייעם קאָרענסי ביל וועט די לאַגע זיין א בעסערע. די ערשטע צייט, אם ווייניגסטען, וועט דער געלד־מאַרקעט געראם ווערען. די רעגיערונג וועט דורך איהרע בענק האַלטען קאָנטראָל איבער'ן געלד־מאַרקעט און אָבשוואַכען די מאַכט פון געלד־טראָסט.

די צרה אָבער מיט דיזען קאָרענסי ביל, אזוי ווי מיט דער טאַריף־רעפאָרם, איז, וואָס זיי זיינען געקומען צו שפּעט. די געלד־קעניגע וועלען זיך שוין דאָ בשום אופן ניט צופריעדענ־

שטעלען. זיי זיינען אין זייער הערשאפט איינגעפונדעוועט, זיי האָבען די פינאַנציעלע פעסטונגען און ווען די געלעגענהייט וועט קומען וועלען זיי צוריק אַלעס איינגעהמען.

* * *

דער קאָרענסי ביל איז נאָך אין לעבען ניט אריין. די פערשיעדענע רעגיערונגס־בענק זיינען נאָך ניט עטאַבלירט געוואָרען. די גרויסע באַנקירען מוזען זיך איצט אויך ארויסשטעלען פריינדליך צום געזעץ, ווייל זיי ווייסען ווי פערהאסט דער געלד־טראַסט איז ביים גרויסען עולם. מיר קאָנען ניט וויסען אויף ווי וויים דיזער געזעץ וועט ווירקען אויפ'ן געלד־מארקעט. מיר האָבען אויסגעדריקט א מיינונג, אז די ערשטע צייט וועט דאָס געזעץ האָבען א גוטען איינפלוס. נו, ווילסאָנ'ס שונאים בעשטרייטען עס.

אָבער וועגען דער טאַריף־רעפאָרם פערשפאָרען מיר נביאות צו זאָגען. זי האָט דעם ערוואַרטעטען זול אויף לעבענס־מיטלען ניט געבראַכט. מען האָט אונז פערזיכערט, אז אזוי שנעל ווי דער טאַריף וועט רעדוצירט ווערען, איז אַ סוף צום יקרות! דאָס האָט ניט פּאַסירט.

ווילסאָן האָט דיזען פונקט בעריהרט ניט לאַנג צוריק אין א רעדע. די ערקלערונג איז אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש פאַר ווילסאָנ'ען. די דעמאָקראַטען, האָט ער געזאָגט, האָבען קיינמאָל ניט בעהויפּטעט דירעקט, אז א פערקלענערטער טאַריף וועט ביליגער מאַכען די לעבענס־מיטעל. נישט מעהר, אז ער וועט אָבברעכען די וואַנד, וואָס פערצאַמט אַמעריקא פאַר די אויסלענדישע סחורות און אונזערע פאַבריקאַנטען וועלען זיך מוזען אביסעל אָנשטרענגען און שארפען זייערע מוחות, כדי צו קענען קאָנקורירען מיט די אויסלענדישע פאַבריקאַנטען. דער פערקלענערטער טאַריף איז א סגולה צו עהרליכער קאָנקורענץ.

דאָס איז זעהר א שעהנע פילאָזאָפיע, אָבער מיר גלויבען, אז דעם אַמעריקאַנער עולם וואָלט קנאַפּ וואָס בעגייסטערט געוואָרען פאַר איהר. די טאַריף־אישיו האָט ווילסאָנ'ען געמאַכט פאַר פּרעזידענט, און ניט צו שארפען די מוחות פון די ביזנעסלייט זיינען די וואָוטערס אויסען געווען, נור זאָט צו מאַכען זייערע מאָגענס מיט בעסערע שפּייז־פּראָדוקטען פאַר ביליגערע פּרייזען.

דיזע ערקלערונג אָבער איז אין פולען איינקלאַנג מיט ווילסאָנ'ס פּאָליטישער פילאָזאָפיע. ווילסאָנ'ס גרונד־פּרינציפּ אין פּאָליטיקס איז אָן אָפּענער שפּיעל — צו פּערוואַלטען דאָס לאַנד אזוי, אז דאָס פּאָלק זאָל וויסען אַלעס, וואָס עס קומט פאַר, אַלעס, וואָס ווערט אָבגעטהאָן אין דער וועלט פון פּאָליטיקס און ביזנעס. דערמיט ערקלערט זיך זיין געגנערשאַפט צו דער פּראָגרעסיוועער פּאַרטיי. ער בעשולדיגט איהרע פיהרער אין אריסטאָקראַטיזם. רוזוועלט רעדט רק וועגען דעם, וואָס ער וועט טהאָן, וואָס די רעגיערונג וועט טהאָן. ווילסאָן וויל ניט, צ. ב. ש., לאָזען קאָמישאָנס „אכטונג געבען" אויף די קאָרפּאָריישאָנס און טראַסטס. ער וויל בעסער, אז די „געשעפטען" פון די קאָרפּאָריישאָנס און טראַסטס זאָלען געטהאָן ווערען אין דער עפענטליכקייט. די גאַנצע וועלט זאָל וויסען, וואָס זיי טהוען. די פליכט פון דער רעגיערונג איז בלויז אויפצורייסען די טהירען, הינטער וועלכע די טראַסטס טהוען זייערע אונעהרליכע געשעפטען, און זאָל יעדערער, וואָס פיהלט זיך גענוג שטאַרק, זיך אריינוואַרפען אין דער קאָנקורענץ־מלחמה.

דאָס איז אייגענטליך די אַלטע דעמאָקראַטישע טהעאָריע, די אַלטע ברייען־פּאָליסי, אביסעל מעהר מאָדערניזירט.

דערווייל האָט נאָך ווילסאָן ניט געהאַט די פולע געלעגענהייט זיך צו בענוצען מיט זיין טהעאָריע. דיזע געלעגענהייט וועט ער באַלד קריגען, ווען זיין אדמיניסטריישאָן וועט זיך נעהמען צו דער טראַסט־פראַגע. דאַן וועט ער זיך שוין איבערצייגען, צו זיין טהעאָריע האָט א וועלכע עס איז ממשות.

עס בלייבט נאָך צו ריידען וועגען ווילסאָנ'ס אויסערליכער פּאָליטיק, אָבער ווילסאָנ'ס אויסערליכע פּאָליטיק פערדיענט א בעזונדערען אַרטיקעל.

* * *

ווילסאָן האָט אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין טערמין אָבגעטהאָן א סך ארבייט און געטהאָן האָט ער עס רוהיג און שטיל, אָהן דעם טאַראַראַם פון א רוזוועלט. דאָס מוזען אַלע צוגעבען, סיי זיינע פריינד און סיי זיינע פיינד, דאָס ער איז איינער פון די ענערגישסטע און אויפריכטיגסטע פּרעזידענטען, וואָס דאָס לאַנד האָט געהאַט. ער איז ניט בלויז א קלוגער פּאָליטישען, נור אויך א מענש מיט איבערצייגונגען און פּרינציפּען.

אויב זיין אדמיניסטריישאָן וועט זיין א דורכפאַל, וועט עס זיין דערפאַר, ווייל זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּרינציפּען זיינען אין גרונד פאַלש.

דוד פינסקי

א דאלאר

איינאקטער

א וועג־איבערשנייד ביים זוים פון א וואלד. איין וועג געהט פון לינקס נאָך רעכטס. אַן אנדערער ציהט זיך פון פארנט רעכטס נאָך'ן מיטען הינטערגרונד און פערליערט זיך אין וואלד. די וועגזייטען זיינען בערעקט מיט גראָז. אויפ'ן איבערשנייד רעכטס שטעהט א סלופּ מיט צוויי וועגווייז־ברעטלעך. — עס איז א זומער־נאכמיטאג. — א טרופּע וואנדער־שוישפּיעלער קומט אָן פון לינקס — אָבגעריבע־נע, אָבגעריסענע, מידע. דער קאָמיקער געהט צוערסט מיט צוויי טשעמאדאנעס אין די הענד, הינטער איהם שלעפּט זיך דער אינטריגאַנט מיט צוויי גרויסע בינד־לעך אויף זיינע ארמס; גלייך נאָך זיי דער טראגיקער און דער פּאטער־ראַ־ליסט, וועלכע טראגען א גרויסען, שווערען קאסטען.

קאָמיקער (צוקומענדיג צום סלופּ, לייענט איבער די ברעטלעך און דערקלערט די אנקומענ־דיגע חברים, אנצייגענדיג די ריכטונג מיט די טשעמאדאנעס־בעלאדענע הענד). אהער איז דרייסיג מייל, אהער איז פינפאונפיערציג און אהערצו־צו איז זעקסאונדרייסיג. קלייבט אייך אויס, וואוהין איהר ווילט היינט נישט דער־געהן. דער נאהנטסטער וועג איז צוריק, פון וואנען מען האָט אונז ארויסבעגלייט מיט דער הערליכסטער קאצענמוזיק, וועלכע האָט ווען עס איז בעקרוינט אונזערע ערפאָלגען.

אינטריגאַנט (גאַנץ צוקראָכען). ווער בארגט מיר א האנד, דעם שוויים אָבצואווישען? ער רינט מיר עקעלהאפט אין מויל.

קאָמיקער. שטעל דיך אויפ'ן קאָפּ, וועט דער שוויים פּאלען אויף א פּארנעמערען גרונד.

אינטריגאַנט. אי! (לאָזט אָב די ארמס, די פּעקלעך פּאלען ארונטער. ער לאָזט זיך אראָב אויף איינעם פון זיי און ווישט זיך דעם שוויים, קוים בעווענדיג די האנד. — דער טראגיקער און פּאטער־ראליסט געהען צו צום סלופּ און לייענען איבער די ברעטלעך.)

טראגיקער (ברומט ארויס). האָפנונגס־לאָז! (לאָזט אָב זיין זייט קאסטען.)

פּאטער־ראליסט (אָבלאָזענדיג אויף זיין זייט קאסטען). מזיא, וויעדער רוהען.

טראגיקער (לאָזט זיך אראב אויפ'ן קאסטען אין א „טראגישער" העלדענפּאזע, די פּיס וועיט פערנאנדערגעשפּרייט, דעם אונטער־געלענק פון דעם רעכטען ארם אויפ'ן רעכטען פוס, די לינקע האנד אויפ'ן לינקען פוס, דעם קאָפּ א ביסעל אָנגעבויגען נאָך רעכטס).

קאָמיקער (אוועקשטעלענדיג די טשעמא־דאנעס, דרעהט זיך א פּאפּיראָס).

פּאטער (זעצט זיך אויפ'ן קאסטען און לאָזט אראָב דעם קאָפּ אויף דער ברוסט).

אינטריגאנט. דרייסיג מייל די נאָהענט־סטע שטאָדט! דרייסיג מייל!

קאָמיקער. עס איז א סקאנדאל, ווי וועיט די לייט פּעררוקען פון אונז זייערע שטעדט!

אינטריגאנט. ערסט איבערמאָרגען ווע־לען מיר אנקומען אין א שטאָדט.

קאָמיקער. הורראַ! וואויל אונז! מיר האָבען אַן איבערמאָרגען.

אינטריגאנט. און די באביצעס זיינען נאָך אזוי וועיט. שלעפּען זיך!

פּאטער. זיי ווילען שטימרעכט און קאָ־נען קוים געהן.

קאָמיקער. מיר געבען זיי עס נישט. אָבגעמאַכט. ניעדער מיט פרויענשטימרעכט!

אינטריגאַנט. און דיך נעמט דער טייוועל נישט. נישט דיין צונג ווערט מיעד און נישט דיינע פיס. עס געהט שוין איינפאך אויף די נערוועו. זעץ דיך צו און ווער א ווילע שטום!

קאָמיקער. איך? ! האהא! איך קעהר מיך אום גאָר צו מיין הערצענסדאמע. איך לויף איהר יעצט אנטקעגען און ברייינג זי אהער צו טראגען. (שפּייט אַן אין די הענד, פערקאשערט די ארבעל און שפּרייזט אוועק מיט גרויסע, שנעלע שריט נאָך לינקס.)

אינטריגאנט. קלאאון!

פּאטער. ווי קאן ער נאָך לאכען און שטיפּען? מיר האָבען נישט קיין גראשען געלט ביי דער נשמה, דאָס עסענווארג געהט אויס, דאָס שוכווארג איז אָבגעטראגען . . . .

טראגיקער (ברילט אויף). הער אויף! צעהל נישט! די צאהל פון אונזערע זינד איז גרויס, און דער צעטעל פון אונזערע צרות איז נאָך גרעסער! הייליגער פּאטער, אונזערע פלעשלעך זייינען לעדיג! דעם רעסט פון מיינע פּאדעשוועס גיב איך אוועק פאר א שמעק טאן א ביסעל שנאפּס. (לינקס געלעכטער פון א פרוי. דער קאָמיקער קומט אן, טראגענדיג אויף די ארמס די ליעבהאבערין, וועלכע האלט

מיט ביידע הענד א קליינעם קאפער איבער זיין רוקען.)

קאָמיקער (אראָבלאָזענדיג זיין משא אויפ'ן גראָז). יעצט זיץ, מיין ליעבע, און רוה דיך אויס. מיר וועלען שוין היינט ווייטער מעהר נישט געהן. דיינע פיס, אָה, דיינע פיסעלעך מוזען דיר וועה טאָן — ווי אונגליקליך דאָס מאכט מיך! ביי דער ערסטער געלעגענהייט קויף איך דיר אן אויטאָמאָביל.

ליעבהאבערין. פּארלויפיג מאגסטו מיך עפּטערס אזוי טראגען.

קאָמיקער. דער עזעל הערט און פאָלגט. (נאאיווע און מוטער־ראליסטין קומען אן, ביידע צו קליינע קאָפערס אין די הענד.)

נאאיווע (מיעד און אָנגעבלאָזען). אך, און מיך האָט קיינער נישט געטראגען. (לאָזט זיך אראָב אויפ'ן גראָז רעכטס פון דער ליעבהאבערין.)

אינטריגאנט. מיר האָבען בלויז איין עזעל.

קאָמיקער (אויסציהענדיג זיך צופוסען ביי דער ליעבהאבערין. שרייט ווי איין עזעל). אי־יא! אי־יא!

מוטער־ראליסטין (אראבלאָזענדיג זיך אויפ'ן גראָז לינקס פון דער ליעבהאבערין). און דאָ וועלען מיר דאָס איבערנעכטיגען?

פאטער. ניין, אין האָטעל „נישט־געשטויגען".

קאָמיקער (דרעהט זיך איבער צו דער „מוטער"). געפעלט דיר נישט אונזער נאכטאזיל? זעה, דאָס בעט איז ווייט און ברייט, אָהן וואנצען גאנץ בעשטימט. טאַפּ אן דאָס הויכע גראָז — ביזט אזוי ווייך נאָך קיינמאָל נישט געלעגען, — און א צודעק וועסטו האָבען אויסגענייט מיט לבנה און שטערן, ווי קיין פּרינצעסין־כלה האָט אזא נאָך קיינמאָל נישט געהאָט.

מוטער. דו לאכסט, און איך קאָן וויינען.

קאָמיקער. וויינען? דו וועסט דיך דאָך שעהמען פאר דער זון, וועלכע בעגליקט דיך מיט איהר ענטציקענדסטען אונטערגאנג. קוק און ענטציק דיך!

אינטריגאַנט. קוק און ענטבאָק דיך!

קאָמיקער. קוק און יויכץ!

פאטער. קוק און קרעפּיר!

נאאיווע (ברעכט אויס אין א געוויין).

טראַגיקער (שווער). האהאהא!

קאָמיקער (דרעהט זיך איבער צו דער נאאיווער). ווי? דו וויינסט? שעמסטו דיך נישט?

נאאיווע. איך בין טרויעריג.

מוטער (שנייצט זיך). איך קאָן עס מעהר נישט אריבערטראָגען.

ליעבהאבערין. הערט אויף! איך וועל מיך אויך באלד צורעווען.

קאָמיקער (שפּרינגט אויף אויף די קניע און בעטראכט מיט שנעלע קאָפּבעוועגונגען די וויינענדיגע פרויען).

אינטריגאנט. האהאהא, מאך פרעהליך, פּאיאץ!

קאָמיקער (שטעלט זיך אויף די הענד). מיינע דאמען און הערען, איך האָב זי! (שטארקער, בעטאָנענדיג לאנגזאם די ווערטער, האלבזינגענדיג.) מיינע דאמען און הערען, איך האָב זי!

ליעבהאבערין. וואָס זי?

קאָמיקער. די פרעהליכקייט!

אינטריגאנט. לאָז דיך בעגראבען, פּאיאץ!

טראגיקער (ווי פריהער). האהאהא!

פאטער (מיט חוזק). פּפו־ו־ו! (די פרויען וויינען פלייסיגער.)

קאָמיקער (שרייט אויס). איך האָב א פלאשע שנאפּס! (בעוועגונג. די פרויען הערען גלייך אויף צו וויינען און קוקען צו איהם ארויף גאנץ איבערראשט. דער טראגיקער גלייכט זיך אויס און שטעלט אן אויפ'ן קאָמיקער א פערוואונדערטען בליק. דער „פאטער" שפּרינגט אויף און רייבט זיך די הענד. דער אינטריגאנט קוקט אן דעם קאָמיקער מיט חשד. אונגלויביג.)

טראגיקער. א פלאשע שנאפּס!

פאטער. העהעהע, א פלאשע שנאפּס!

אינטריגאַנט. הם? ! שנאפּס?

קאָמיקער. יאוואָהל! א פלאשע שנאפּס! בעהאלטען און געהאלטען פאר אזא מאָמענט ווי יעצט. פאר א מאָמענט פון מענערשער אבהענדיגקייט און ווייבערשע טרערען. (נעמט ארויס פון הינטערקעשענע א שנאפּספלעשעל. די אויסדריקען אויף די געזיכטער בייטען זיך. מען איז ענטטוישט.)

אינטריגאנט. דו רופסט עס פלאש, איך רוף עס פלעשעל.

טראַגיקער (שיעסט ארויס). פינגערהוט!

פאטער. טראָפּער!

מוטער. אויף זאלבזיעבעט. הע!

קאָמיקער (שפּיעלענדיג זיך מיט דעם פלעשעל אין דער זון). אבער ש נ א פּ ס, קינדער! (נעמט ארויס די פּראבקע און שמעקט.) או־ו־ו, שוין איינמאָל שנאפּס! דער שנאפּסהענדלער, ביי וועלכען איך האָב איהם אוועקגע'בעלדבר'ט, וועט פאר פּערצווייפלונג ווערען א טעמפּערענצלער. (טראגיקער, שווער אויפהעבענדיג זיך און מיט שווערע טריט, אינטריגאנט, ווי נישט וועלענדיג און אלץ נאָך אונגלויביג, פאטער, לאכענדיג, רייבענדיג זיך די הענד, מוטער, אפּאטיש אויפהעבענדיג זיך און אפּאטיש געהענדיג, ליעבהאבערין און

נאאיווע, אננעמענדיג זיך פאר די הענד און וואלצענדיג באלעטארטיג — אלע קומען זיי צו צום קאמיקער מיט אויסגעשטרעקטע העלזער און אנגעגרייטע נעזער. זיי שמעקען די אָפּענע פלאש, וועלכע ער האלט פעסט מיט ביידע הענד.)

טראגיקער. האההאהא . . . פיין !

פאטער. העהעהע . . . גרויסארטיג !... וועניג, אָבער גרויסארטיג !

אינטריגאנט. שיינט, גוטער שנאפּס צו זיין.

ליעבהאבערין (טאנצענדיג און זינגענדיג). מיין קאָמיקער, מיין קאָמיקער, ער האָט זיין קאָפּ אויפ'ן רעכטען פלאץ ! — אָבער פארוואָס האָסטו שוין נישט אוועקגעלאַטכעט א גרויסע פלאש ?

קאָמיקער. אה, ליעבע ! איך האָב מיך געמוזט רעכענען מיט דער קוואליטעט פון דעם שנאפּס און דער גרויס פון מיינע קעשענעס.

מוטער. עס זאָל נאָר פאר אַלעמען סטייען.

נאאיווע. אה, איך קאָן ווידער טרויעריג ווערען.

קאָמיקער. פרעהליך זיין ! אלע וועלען האָבען ! עס וועט פאר אַלעמען גענוג זיין ! (א פרעהליכקייט ברעכט אויס. מען כאַפּט זיך פאר די הענד, זינגט און טאנצט אין קאראהאד. דער קאָמיקער פּאטשט אונטער אין די הענד.) גוט ! און ווען איהר זייט אזוי פרעהליך נאָך דעם שמעקען, ווי וועט איהר פרעהליך זיין נאָך דעם טרינקען. ווארט, פּאסט אויף, איך טאנץ מיט אייך מיט. (בעהאלט די שנאַפּס־פלאש אין קעשענע.) איך וועל אייך א נייעם קאראהאדענטאנץ בעווייזען, וועלכען מיר וועלען אויף אין דער נעבסטער האמלעט־פּאָרשטעלונג אויספיהרען צום געטליכען פערגניגען פון דעם ווערטען פובליקום. (שטופּט אוועק מיט'ן פוס דעם אינטריגאנטס געפּעק.) דער פּלאץ איז פריי און יעצט צו טאנץ און שפּיעל. נעמט זיך פאר די הענד און מאַכט א קרייז. דו, אינטריגאנט, דו בלייבסט אין דרויסען. דו ווילסט אריין, מיר טאנצען און לאָזען דיך נישט אריין און דאָך פערליערען מיר נישט דעם טאקט דאביי. פערשטאנען ? אלזאָ ! (דער קרייז איז אויסגעשטעלט : קאָמיקער, ליעבהאבערין, טראגיקער, מוטער, פאטער, נאאיווע. קאָמיקער העבט אָן צו זינגען :)

זיין אָדער נישט זיין, דאָס איז די פראגע,
דאָס איז די פראגע, דאָס איז די פראגע . . .
וויל מען אין קרייז אריין,
מוז מען אריבער ;
קאָן מען אריבער נישט,
מוז מען ארונטער !
טראליאליא, טראליא, ארונטער־אריבער !
טראליאליא, טראליא, אריבער־ארונטער !
טראליאליא, טראליא ! . . .
יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער ! !

אלע (כאַפּען אונטער מיט לאַכען) :
טראליאליא, טראליא, ארונטער־אריבער !
טראליאליא, טראליא, אריבער־ארונטער !
טראליאליא, טראליא ! . . .
יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער !

קאָמיקער :
זיין אָדער נישט זיין, דאָס איז די פראגע,
דאָס איז די פראגע, דאָס איז די פראגע . . .
וויל מען אין לעבען דורך,
מוז מען זיך שטופּען ;
שטויסט מען נישט עמיצען,
ווערט מען געשטויסען !

אלע :
טראליאליא, טראליא, ארונטער־אריבער !
טראליאליא, טראליא, אריבער־ארונטער !
טראליאליא, טראליא ! . . .
יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס מונטער, יעצט איז עס . . .

(דאָס זינגען און טאנצען ברעכט אָב פּלוצלונג. אלע אויגען ווערען אָנגעשטעלט אויף איין פּונקט. מען בלייבט שטעהען ווי פערגליווערט, דער אינטריגאנט איבערגעבויגען איבער די ארמס פון דעם קאָמיקער און דער ליעבהאבערין. ביסלעכווייז ציהט זיך דער קרייז צוזאמען, די קעפּ ווערען איינגער צונויפגערוקט. הענד ווילען זיך בעפרייען, אָבער איינער לאָזט דעם אנדערען ניט אָב, און אלע זיעבען שיפּען ארויס אין כאָר, פול איבערראשונג) : א דאלאר !... (זיי רוקען זיך פערנאנדער, קוקען איינס דאָס אנדערע אן און שרייען אויס איבערראשט) : א דאָלאר ! ! . . . (זיי רוקען זיך ווידער צונויף, הענד ווערען שטארקער געראנגעלט. — אינטריגאנט פּרובירט זיך ארונטער — אָדער אריבערקריכען, שטרעקט אויס די הענד נאָכ'ן דאָלאר. אָבער אינסטינקטיוו ווערט ער נישט צוגעלאָזען פון דעם פּאר, ביי וועלכע ער מאַכט זיינע פּערזוכען, כאָטש מען קוקט זיך אויף איהם נישט אום. זיי שליסען צונויף די קעפּ איבער'ן דאָלאר, גאנץ פערלאָרען און בעטראכטען איהם, און שיפּען ארויס פול ענטציקונג :) א דאָלאר ! . . . (באלד רוקען זיי זיך ווידער פערנאַנדער, קוקען אן איינס דאָס אנדערע מיט ענטציקונג, פּרובירענדיג אין דער אייגענער צייט צו בעפרייען די הענד, און שרייען בעגייסטערט אויס :) א דאָלאר ! ! . . . (יעצט ווערט דער קאמפּף די הענד צו בעפרייען פיעל שטארקער, און בעפרייט זיך א האנד, ווערט זי גלייך צוריק געכאַפּט פון דער האנד, וועלכע האָט זי געהאלטען.)

נאאיווע. אה, מיינע הענד ! מיינע

הענד ! (מיט טרערען.) מיינע הענד ווערען מיר צובראָכען ! לאָזט דאָך אָב מיינע הענד !

מוטער. לאָזט איהר נישט אָב מיינע הענד, בייס איך ! (וואַרפט זיך צו בייסען דא דעם טראַגיקערס האַנד, דאָ דעם „פּאַטערס“. טראַגיקער און פּאַטער לאָזען זיך נישט בייסען.)

פּאַטער (רייסענדיג זיינע הענד פון דער „מוטער“ און דער ליעבהאַבערין). זיי זיינען שוואַך, דאַכט זיך . . .

טראַגיקער (רייסענדיג זיינע הענד פון דער „מוטער“ און דער נאַאיווער). ווייבער, לאָזט מיך אָב !

ליעבהאַבערין (צום קאָמיקער). לאָז דאָך מיר די האַנד אָב !

קאָמיקער. איך גלויב, דו האַלסט די מיינע פעסט.

ליעבהאָבערין. פאַר וואָס זאָל איך דיך האַלטען ? העבסט דו דעם דאַלאַר אויף, איז ער דאָך מיינער סיי ווי סיי.

קאָמיקער. טאָ לאָז מיר אָב מיין האַנד. איך העב איהם אויף.

ליעבהאַבערין. ניין. בעסער העב איך איהם אויף.

קאַמיקער. אה, דאָס האָב איך פון דיר ערוואַרטעט.

ליעבהאַבערין (מיט כעס). דו לאָז מיין האַנד מיר אָב !

קאַמיקער. האַ־האַ־האַ, דער שפּאַס אָבער איז גרויס ! (קאָמאַנדירט) : שטיל געשטאַנען ! (עס ווערט רוהיג). מיר וועלען יעצט בעטראַכטען דעם דאַלאַר אין שטילער דבקות. (בעוועגונג). שטיל, זאָג איך ! — — א דאַלאַר ליעגט פאַר אונז, אַ לעבהאַפטיגער דאָלאַר אין אונזער קרייז. און אַלץ אין אונז רייסט זיך צו איהם, ציעהט זיך צו איהם — — — שטיל געשטאַנען ! געדענקט, איהר שטעהט פאַר דעם הערשער, פאַר דעם אַלמעכטיגען ! אויף די קני פאַר איהם און טהוט תפילה ! אויף די קני ! (לאָזט זיך אראָב אויף די קני און שלעפּט אראָב די ליעבהאָבערין און די נאַאיווע).

פּאַטער. הע־הע־הע... (לאָזט זיך אראָב אויף די קני און שלעפּט אראָב די „מוטער“).

טראַגיקער. האַ־האַ־האַ, פּאַיאַץ !

קאַמיקער. טראַגיקער, דו ביזט נישט ווערט די ערנסטע מאַסקע, וועלכע דו טראָגסט. דו פערשטעהסט ניט די אמת׳ע געטליכע מאַיעסטעט. אויף די קני — — אָדער דו קריגסט נישט קיין שנאַפּס.

טראַגיקער (לאָזט זיך אראָב אויף די קני).

קאַמיקער (זעצט פאָרט) : אה, הייליגער דאַלאַר ! אה, אַלמעכטיגער הערשער פון דער וועלט ! פאַר דיר קניען מיר אין שטויב און שיקען צו דיר אונזערע טרערענרייכסטע און הארציגסטע תפילות. אונזערע הענד זיינען געבונדען, אָבער אונזערע הערצער שטרעבען צו דיר, און אונזערע נשמות געהען נאָך דיר אויס. אה, גרויסער קעניג איבער קעניגען, דו, וועלכער דערנעהענטערט ווייטע און דערווייטערט נאָהענטע, דו, וועלכער...

אינטריגאַנט (וועלכער האָט זיך אָבגערוקט אָן א זייט, נעהמט יעצט א פולען לויף, שפּרינגט אריבער איבער דער קניענדיגער נאַאיווער און וואַרפט זיך ארויף אויפ׳ן דאַלאַר. אַלע לאָזען זיך אָב און וואַרפען זיך אויף איהם ארויף. געוויש, ליאַרם, שטיקענים, דריקענים. ענדליך בעפרייט זיך דער אינטריגאַנט, מיט דעם דאַלאַר אין דער רעכטער פויסט. מען שטעהט צו איהם צו מיט געמאָסטענע פויסטען, ברענענדיגע אויגען, שוימענדיגע ליפּען און ווילדע קולות : דעם דאַלאַר ! דעם דאַלאַר ! דעם דאַלאַר !).

אינטריגאַנט (אָבטרעטענדיג אויף הינטען). איהר וועט איהם ביי מיר נישט אָבנעהמען ! ער איז מיינער ! ער איז אויך געלעגען אונטער מיין פּעקעל !

אַלע. דעם דאַלאַר אהער ! דעם דאַלאַר אהער !

אינטריגאַנט (גאַנץ ווילד). ניין ! ניין ! (אַ ווײַלע ווערט שטיל. די קעמפּפענדיגע צדדים קוקען זיך אָן מיט גרויסען האַס. אינטריגאַנט שטילער, אָבער מיט גרויסער בייזקייט) : און גלאַט — — ווען פון אייך זאָל איך איהם אוועקגעבען ? ווען ? דיר ? דיר ? דיר ?

קאָמיקער. האַ־האַ־האַ־האַ... ער איז גערעכט ! דער דאַלאַר איז זיינער. ער האָט איהם, איז ער זיינער ! האַ־האַ־האַ־האַ !... און איך האָב מיך געוואָלט צורוקען צום דאַלאַר אויף די קני און אויפהעבען איהם מיט די ציינער ! האַ־האַ־האַ !... איז ער געוועזען דער שנעלערער, האַ־האַ־האַ !

ליעבהאַבערין (שיפּעט צו איהם בייז). דאָס איז דערפאַר, וואָס דו האָסט די האַנד מיר נישט אָבגעלאָזען !

קאַמיקער. האַ־האַ־האַ־האַ...

טראַגיקער (שאָקלענדיג זיין פויסט דעם אינטריגאַנט אין געזיכט). טויט און טייפעל ! איך פיהל, איך וואָלט דיך געקענט צוברעקלען. (געהט אָב און לאָזט זיך אראָב אויפ׳ן קאַסטען אין זיין פריערדיגער פּאָזע).

נאַאיווע (ציהט זיך אויס אין גראָז און צוואַויינט זיך).

קאַמיקער. האַ־האַ־האַ... יעצט ווע־לען מיר אָבער טרינקען, און דער ערסטער קריגט דער אינטריגאַנט. (זיין פאָרשלאַג ווערט יעצט אָנגענומען מיט אָנגערוקטען שווייגען. נור די נאַאיווע הערט אויף צו וויינען, און „פּאַטער“ און „מוטער“, וועלכע זיינען אַלץ

געשטאַנען נעבען אינטריגאַנט, קוקענדיג אויפ׳ן דאלאר אין זיין האנד, ווי זיי וואָלטען אָבגע־ווארט א מאָמענט, ווען זיי וועלען קאָנען איהם ארויסכאַפּען, טרעטען פון איהם אָב אָן א זייט, די „מוטער“ נאָך אויסשפּייענדיג פאַר זיינע פּים).

אינטריגאַנט (בלייבענדיג אליין, העבט אָן אויסצוגלעטען דעם דאלאר מיט אן ערנסטער מינע).

קאַמיקער (טראָגט איהם אונטער א גלעז־זעל). טרינק, דו גליקליכער!

אינטריגאַנט (דריקט ווידער איין דעם דאלאר אין דער פּויסט, נעהמט דעם שנאַפּס מיט אן ערנסטער מינע, טרינקט שנעל אויס, גיט אוועק דאָס גלעזעל און נעהמט זיך ווידער אויסצוגלעטען און צו גלעטען דעם דאלאר).

קאַמיקער (אַלץ לאַכענדיג, טראָגט דעם גלעזעל פון איינעם צום אַנדערען. עס איז א שטיל טרינקען. מען איז אָנגערוקט און בייז. דער שנאַפּס מאַכט זיי נישט בעסער. די נאַ־איווע, וועלכע האָט אויפגעהערט צו וויינען פאַר׳ן טרינקען, צוואויינט זיך ווידער נאָכ׳ן טרינקען. די ליעבהאָבערין, וועלכע האָט גע־קראָגען די לעצטע, טרינקט אויס און שמייסט דעם קאַמיקער דאָס גלעזעל אין געזיכט).

קאַמיקער. גוט געטראָפען. יעצט טרינק איך אָבער אויס דעם גאַנצען רעסט פון פלע־שעל. (שטעלט צו דאָס פלעשעל צו די ליפּען און טרינקט. די ליעבהאָבערין וויל עס ביי איהם ארויסשלאָגען, אָבער ער דרעהט זיך גע־שיקט אוועק).

אינטריגאַנט (גלעטענדיג אַלץ, כמעט לאַסצענדיג דעם דאלאר). הי־הי־הי... (זינגט אונטערטענצלענדיג). „וויל מען אין קרייז אריין, שפּרינגט מען אריבער!...“ הי־הי־הי... אה, הייליגער דאלאר!... אה, אלמעכטיגער הערשער פון דער וועלט!... אה, קעניג אי־בער קעניגען!... הי־הי־הי... געפינט איהר נישט, אז אויב איך האָב איהם און איהר נישט, בין איך אָנגעטיילט מיט זיין מאַיעסטעט און איהר נישט? דאָס הייסט, איך בין יעצט א שטיק מאַיעסטעט אליין. דאָס הייסט, איך בין דעם אלמעכטיגען הערשער׳ס בעפאלמעכטיגער און בין אלמעכטיגער הערשער אליין. אויף די קני פאַר מיר!... הע־הע־הע...

קאַמיקער (וועלכער, אוועקוואַרפענדיג די ליידיגע פלאַש, האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן גראָז). גוט געברומט, לייב! בעהאַלט נור דיינע אייזעל־אויערן.

אינטריגאַנט. הע־הע־הע... דאָס איז מאַכטבעוואוסטזיין. א י ך ווייס און א י ה ר ווייסט, אז איך האָב די מטבע, האָב איך די דעה. געדענקט, איהר האָט קיינער קיין גראָ־שען נישט, דער שנאַפּס איז אויסגעטרונ־קען — — (העבט אויף דאָס פלעשעל און בע־טראַכט עס) — —

קאַמיקער. איך האָב עס גוט געמאַכט. ביז אויפ׳ן לעצטען טראָפּען.

אינטריגאַנט. ...ביז אויפ׳ן לעצטען טראָפּען — — וועטשערע וועט איהר האָבען ברויט מיט וואורסט, און גאַנץ קליינע שטיקע־לעך, ווייל מאָרגען איז אויך א טאָג.

נאַאיווע (צוואויינט זיך שטאַרקער).

אינטריגאַנט. ערסט איבערמאָרגען וועט לען מיר זיין אין שטאָדט, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אז איהר וועט קריגען וואָס צו עסען. איך אָבער — — איך!... הא־הא־הא... אה, הייליגער דאלאר!... אלמעכטיגער דא־לאר!... (ערנסט). ווער עס וועט מיין ווי־לען טהאָן, וועט האָבען וואָס צו עסען!

קאַמיקער (מיט ווייט פערנאַנדערגעע־פּענטע אויגען). וואָס?!... הא־הא־הא...

נאַאיווע (שטעהט אויף און וואַרפט זיך דעם אינטריגאַנט אויפ׳ן האלז). אה, מיין טייערער! מיין ליעבער!

אינטריגאַנט. הא־הא! מיין מאַכט לאָזט זיך שוין פיהלען.

ליעבהאָבערין (שטופּענדיג די נאַאיווע). דו לאָז איהם אָב! ער האָט מיין ליעבע שוין לאַנג געזוכט, יעצט וויל איך זי איהם געבען.

קאַמיקער. ווי? דו?

ליעבהאָבערין. אה, איך האַס דיך, פּעררעטער! (צום אינטריגאַנט). איך האָב שטענדיג גייסט געליעבט, און דו ביזט יעצט דער קליגערער, דער קליגסטער. איך פערגע־טער דיך!

אינטריגאַנט (אין איין ארם האַלטענדיג די נאַאיווע). קום אין מיין אַנדערן ארם!

ליבהאָבערין (וואַרפט זיך אין זיין אַנ־דער ארם און קושט איהם).

קאַמיקער (שטעלט זיך אויף די קני). העי, העי, איך פּראָטעסטיר! (וואַרפט זיך אויפ׳ן גראָז). אה, אונבעשטענדיגקייט, ווייב איז דיין נאָמען!

מוטער (אַרומנעהמענדיג דעם אינטריגאַנט פון הינטען). געפּין אויך פאַר מיר א שטיקעל פּלאַץ אויף דיין ברוסט. איך הייס ביי אייך די אַלטע, אָבער אַלט בין איך דאָך נישט.

אינטריגאַנט. יעצט האָב איך די גאַנצע מאַכט און די גאַנצע ליעבע.

קאַמיקער. רוף עס ליעבע נישט, רוף עס אונטערגעבענהייט.

אינטריגאַנט. און אין דער דינקעלהייט פון וואלד וועל איך פאָדערן דעם בעוויז פון אייער לאָיאַליטעט.

אַלע דריי פרויען. אָה, דעם וועסטו שוין האָבען!

אינטריגאַנט (בעפרייענדיג זיך פון די פרויען). יעצט האָב איך וויכטיגערעס אויס־

צופיהרען. — — מיינע אונטערגעבענע — — איך מיין אייך אַלעמען — — איך האָב בעשלאָסען, אז מיר בלייבען דאָ נישט נעכטיגען, נור מיר געהען ווייטער.

אַלע דריי פרויען. ווי ?!

אינטריגאַנט. מיר געהען היינט נאָך ווייטער.

קאָמיקער. דו האָסט ב ע ש ל אָ ס ע ן?

אינטריגאַנט. איך האָב עס בעשלאָסען. און דאָס אייגענטליך דאַרף זיין גענוג פאַר אייך, נור אויס אַלטער געוועהנהייט, וועל איך אייך דערקלערען, פאַר וואָס איך האָב אזוי בעשלאָסען.

קאָמיקער. האַלט דיין ערקלערונג פאַר זיך און שטער מיר ליעבער נישט אין בעוואונדערען דעם זון־אנטערזאַנג.

אינטריגאַנט. איך שטעל דיך אויף דער שוואַרצער ליסטע. דו וועסט שלעכט אָבשנייַדען פאַר דיין רעדען געגען מיר. אַלזאָ אָהן אן ערקלערונג: מיר געהען און גלייך. (קיינער ריהרט זיך נישט פון אָרט). נו, אויב אזוי, געה איך אליין אוועק.

די פרויען. ניין ! ניין !

אינטריגאַנט. וואָס הייסט עס ?

נאַאיווע. איך געה מיט דיר מיט.

ליעבהאָבערין. און איך.

מוטער. און איך.

אינטריגאַנט. גוט. אייער לאָיאַליטעט שטעלט מיך העכסט צופריעדען.

פאָטער (וועלכער איז געזעסען אַפּאַטיש אויפ'ן קאַסטען). וואָס האָט דיר אָנגעשפּאַרט מיט אמאָל צו געהן ?

אינטריגאַנט. איך האָב דאָס אייך געוואָלט דערקלערען, יעצט — — נישט מעהר. איך בין אייך אויך ניט שולדיג קיין ערקלערונג. איך האָב'ס בעשלאָסען, מיר האָט אָנגעשפּאַרט, און פאַרטיג.

קאָמיקער. ער שפּיעלט זיין קאָמעדיע גאַנץ וואונדערבאַר. האָט איהר ווען חושד געוועזען, אז אין זיין קרויטקעפּעל זאָל שטעקען אזוי פיעל וויץ ?

די פרויען (לאַסצענדיג זיך צום אינטריגאַנט): אָה, דו !

טראַגיקער (מאַיעסטעטיש). איך קוק מיך אין זיין זייט נישט אום.

אינטריגאַנט. נאָך איינער אויף דער שוואַרצער ליסטע. און יעצט וויל איך אייך נאָך וואָס זאָגען. איך האָב בעשלאָסען — —

קאָמיקער. הא־הא־הא ! ... וועט עס לאַנג נאָך אזוי אָנגעהן ?

אינטריגאַנט. מיר וועלען גלייך געהן, אָבער וויל איך וועל בעצאָהלען אייער עסען, וועל איך קיין געפּעק נישט טראָגען, נור איהר וועט מיינע פּעקלעך צוטיילען צווישען זיך. און נאַטירליך, וועלען די שוואַרצע־ליסטניקעס קריגען דעם גרעסטען טייל. איהר האָט'ס געהערט. יעצט ריהרט אייך. איך געה שוין. מיר וועלען אונז בעגעבען צו דער נאָהענטסטער שטאָדט, צו וועלכער מיר האָבען בלויז דרייסיג מייל. אַלזאָ ? — — איך געה.

קאָמיקער. א גליקליכען שליטוועגס !

אינטריגאַנט. און מיט מיר געהט זיין מאַיעסטעט, דער דאָלאַר, און אייער עסען אין די נעכסטע טעג.

די פרויען. מיר געהען ! מיר געהען !

פאָטער. איך געה אויך.

טראַגיקער (צום אינטריגאַנט). דו ביזט א קאַנאַליע ! ביזט א שלעכטער חבר !

אינטריגאַנט. איך בין קיין חבר נישט. איך בין הערר און ברויטגעבער.

טראַגיקער. איך צושמעטער דיך גלייך !

אינטריגאַנט. אההה ! ... ווי ?! ... דו דראָהסט מיר ! ... קומט ! (ווענדט זיך נאָך רעכטס. די פרויען נעהמען זייערע קאָפּערס און בעוועגען זיך נאָך איהם).

פאטער (צום טראַגיקער). שטעה אויף, נעהם דעם קאַסטען. אויסטענה'ען וועלען מיר זיך מיט איהם אַן אַנדערסמאָל. דעם דאָלאַר האָט ער דאָך.

טראַגיקער (שטעהט אויף און טרייסעלט די פויסט). איך וועל שוין ! ... (נעהמט זיין זייט קאַסטען).

אינטריגאַנט (צום טראַגיקער). צוערסט לעג אַרויף איינעם פון מיינע פּעקלעך דיר אויפ'ן רוקען.

טראַגיקער. איינעם פון דיינע פּעקלעך מיר אויפ'ן רוקען !

אינטריגאַנט. פון מיינטוועגען נעהם איהם דיר אויפ'ן קאָפּ אָדער אין די ציינער.

פאָטער. מיר וועלען איהם אַרויפלעגען אויפ'ן קאַסטען.

קאָמיקער (זעצט זיך אויף). וואַרט. איז עס שפּיעל אָדער ערנסט ?

אינטריגאַנט (פּערעכטליך). איך שפּיעל נישט.

קאָמיקער. אַלזאָ, ערנסט ?

אינטריגאַנט. איך גיב נישט אָב קיין ערקלערונגען.

קאָמיקער. דו מיינסט, טאַקע, ווייל דו האָסט דעם דאָלאַר ...

אינטריגאַנט. דעם הייליגען דאָלאַר, דעם אַלמעכטיגען הערשער, דעם קעניג איבער קעניגען ...

קאָמיקער. דערפאַר ביזטו הערר — —

אינטריגאַנט. און ברויטגעבער.

קאָמיקער. און מיר זאָלען — —

אינטריגאַנט. טהאָן, וואָס איך וויז איך אָן.

קאָמיקער. און דאָס איז דיין ערנסט ?

אינטריגאַנט. דו שטעהסט אויף, נעהמסט דאָס געפּעק און געהסט מיט.

קאָמיקער (אויפשטעהענדיג). אההה, דאַן ערקלער איך רעוואָלוציאָן!

אינטריגאַנט. ווי? רעוואָלוציאָן?

קאָמיקער. אפילו א בלוטיגע, ווען דאָס וועט מוזען זיין.

טראַגיקער (אַבלאָזענדיג זיין זייט קאַס־טען, געהט קריעגעריש צום אינטריגאַנט). אהה, און איך מוז דער ערסטער דיין בלוט זעהן! דו וועסט מיר, קאַנאַליע! . . .

אינטריגאַנט. אההה, אויב אזוי וויל איך מיט אייך גאָר מעהר נישט ריידען. קומט, ווער עס וויל.

קאָמיקער (פערלויפט איהם דעם וועג). ניין, דו וועסט נישט אוועקגעהן, ביז דו וועסט נישט ארויסגעבען דעם דאלאר.

אינטריגאַנט. הא־הא־הא, מען לאַכט דער־פון!

קאָמיקער. דעם דאלאר אהער, אָדער . . .

אינטריגאַנט. הא־הא־הא־הא . . .

קאָמיקער. אַלזאָ, בלוט. (פערקאַשערט די ארבעל).

טראַגיקער (פערקאַשערנדיג די ארבעל). בררר, בלוט! בלוט!

פּאַטער (אַבלאָזענדיג זיין זייט קאַסטען). אה, איך וועל נישט שטעהן פון וויטען.

די פרויען (אַבלאָזענדיג די קאָפּערס). און מיר! און מיר!

אינטריגאַנט (אויפשרייענדיג). וועמען זאָל איך דעם דאלאר אוועקגעבען? דיר? דיר? דיר?

קאָמיקער. יעצט וועט די טענה מעהר נישט געהן. וועסט דעם דאלאר ארויסגעבען מיר, אונז. ביי דער נעכסטער געלעגענהייט צו־בייטען מיר איהם און צוטיילען צווישען אונז אויף גלייכע חלקים.

די פרויען. הורראַ! טיילען! טיילען!

קאָמיקער. און איך וועל נאָך זיין אזוי גוט און דיר אָבגעבען דיין טייל.

טראַגיקער. מכות וועל איך איהם געבען!

קאָמיקער. עס וועט זיין, ווי איך זאָג. דעם דאלאר אהער!

ליעבהאָבערין (וואַרפט זיך דעם קאָמי־קער אויפ'ן האלז). מיין קאָמיקער, מיין קאָמי־קער!

נאַאיווע (צום אינטריגאַנט). פוי, עס עקעלט מיר פון דיר! גיב ארויס דעם דאלאר!

קאָמיקער (אַבשטופּענדיג פון זיך די ליעבהאָבערין). דו געה איצט אָב, דו זאָלסט נאָך ניט קריגען מיט דער פויסט, מיט וועלכער איך ציעל אין דעם הערר און ברויטגעבער. (לאַ־כען). דעם דאלאר אהער!

טראַגיקער. גיב איהם דעם דאלאר, הערסט!

אַלע. דעם דאלאר! דעם דאלאר!

אינטריגאַנט. איך וועל איהם גאָר צו־רייסען!

קאָמיקער. דאַן רייסען מיר דיר אויס פון קאָפּ דאָס ביסעל האאר, וואָס איז דיר פער־בליבען. דעם דאלאר שנעל! (זיי רינגלען ארום דעם אינטריגאַנט. די פרויען צופּען איהם דאָס האאר. דער טראַגיקער כאַפּט איהם אָן פאר'ן קראַגען און טרייסעלט איהם. פּאַטער קלאַפּט איהם אויפ'ן פּליעך. קאָמיקער ראַנגעלט זיך מיט איהם און נעהמט ביי איהם אָב דעם דא־לאר).

קאָמיקער (האלטענדיג דעם דאלאר אין דער הויך). ער איז דאָ! (די פרויען טאַנצען און זינגען).

אינטריגאַנט. באַנדיטען! גנבים!

טראַגיקער. שטיל, אָדער איך מאַך דיר צו דאָס מויל! (געהט אָב צום קאַסטען, זעצט זיך אין זיין פּאָזע).

קאָמיקער (בעהאַלטענדיג דעם דאלאר אין קעשענע). דאָס רוף איך אָן ערפאָלגרייכע רעוואָלוציאָן. און אָהן בלוט, נור מיט א בי־סעל שרעק און הארצקלעמענים פאר דעם הערר און ברויטגעבער. — — פּאַסט אויף. עמיצער קומט. (צייגט נאָך רעכטס). אפשר וועט ער קאָנען אונז אויסבייטען דעם דאלאר, און מיר וועלען אונז גלייך צוטיילען.

פּאַטער. איך טראַכט בלויז, ווי וועלען מיר עס אויף גלייך צוטיילען. (הויבט אָן צו רעכענען מיט דער נאַאיווער און „מוטער").

ליעבהאָבערין (לאַסצעט זיך צום קאָמי־קער). דו ביזט מיר בייז? אָבער איך האָב דאָך מיט איהם בלויז געשפּיעלט, וויל איך האָב גע־וואָלט ארויסנארען ביי איהם דעם דאלאר.

קאָמיקער. און יעצט ווילסטו ארויסנאַ־רען ביי מיר מיין טייל.

פּאַטער. אונמעגליך אויף גלייכע חלקים, אבסאָליוט אונמעגליך. ווען עס וואָלט' געווען אכט און נײַנציג סענט, אָדער הונדערט און פינף, אָדער — — —

א מאַן (טרעט אויף פון רעכטס, קוקט אָן די גרופּע, גריסט און וויל ווייטער געהן נאָך לינקס).

קאָמיקער (פערטרעט איהם דעם וועג). ענטשולדיגט, קאָנט איהר אונז אפשר אויסביי־טען א דאלאר? אויף דיימס, ניקעלס און פּע־נים? (האלט פאר איהם דעם דאלאר. פּאַטער און די פרויען טרעטען צו).

דער מאַן (ציטערט קוים בעמערקבאר אויף, בלייבט שטעהן, מאַכט א שנעלע בעוועגונג מיט דער האנד צו דער רעוואָלווער־קעשענע, קוקט אָן דעם קאָמיקער און די אנדערע, און זאָגט לאַנגזאַם). א — — דאלאר — — אויסביי־

טען ? (טרעט ארויס פון דעם קרייז נאָך לינקס).
איך גלויב, איך האָב.

די פרויען. הורראַ !

דער מאַן (ווענדט זיך אום צו זיי, אזוי אז זיין רוקען איז פריי און כאַפּט ארויס א רעוואָלווער). הענד אויפהעבען ! (די פרויען שרייען אויף, און אין גרויסען שרעק העבען אַלע אויף די הענד).

קאַמיקער (מיט א שמייכעל). אָבער, מיין הערר, מיר זיינען גאַנץ רוהיגע מענשען...

דער מאַן (נעהמט ארויס דעם דאָלאַר פון קאַמיקער'ס האַנד און געהט אויף הינטען, נאָך לינקס, מיט דעם אָנגעשטעלטען רעוואָלווער). גוטע נאַכט ! (פערשווינדט. די שווישפּיעלער בלייבען נאָך אַלץ ווי בענומען פון שרעק מיט אויפגעהויבענע הענד, אָפענע מיילער, אויסגעשטאַרטשעטע אויגען).

קאַמיקער (שיסט ענדליך אויס א דונערדיגען געלעכטער). האַ־האַ־האַ־האַ ! ...

(פאָרהאַנג).

יצחק אייזיק הורוויטש

די פרייע ליעבע צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט

„דער פּראָטאָקאָל איז וואָס מען קאָן אָנרופען אַ פרייע ליעבע אָבמאַך" (עדיטאָריעל אין דעם „ליידיעס גארמענט וואָירקער", פעברואַר, 1914. זייטע 4).

2.

עס איז ניטאָ קיין איינציגער פּונקט פון דעם פּראָטאָקאָל, וואָס ווערט ניט געבראָכען פון ערגעץ אַ מאַנופעקטשורער יעדע וואָך. אָט איז אַ קליינע סטאַטיסטיקע, וואָס בעציהט זיך אויף צעהן מאָנאַטען פון דעם ערשטען דזשולי, 1912, ביז דעם ערשטען מאַי, 1913.

פאַרוואָס די יוניאָן האָט געקלאָגט :	צאָל קלאָגען געגען אַלע באַסעס	צאָל פערקלאַגטע באַסעס
פאַר אַרבייטען לענגערע שטונדען ווי מען מעג — — — — —	42	58
פאַר אַרבייטען שבת נאָכמיטאג	46	59
פאַר אַרבייטען זונטאג — —	18	23
פאַר אַרבייטען אין א געזעצליכען יום טוב — — — — — — —	29	36
פאַר ווידזשעס, וואָס א באָס האָט ניט איינגעצאָהלט — —	146	315
פאַר ווידזשעס, וואָס אן אַנטלאָפענער קאָנטראַקטאָר האָט פערכאַפּט — — — — — — — —	4	4
פאַר ניט בעצאָהלען פאַר אָווערט.	26	27
פאַר ניט בעצאָהלען פאַר א ליגעל האָלידעי — — — — —	63	90
פאַר צאָהלען אונטער דעם פּרייז :		
וואָכען־אַרבייטער — — — —	92	153
שטיק־אַרבייטער — — — —	90	161
פאַר מאַכען דופּליקייטס פון וואָך	28	33
פאַר מאַכען סעמפּעלס פון שטיק	39	45

פאַרוואָס די יוניאָן האָט געקלאָגט :	צאָל קלאָגען געגען אַלע באַסעס	צאָל פערקלאַגטע באַסעס
פאַר מאַכען סטאַק פון וואָך —	28	38
פאַר צאָהלען פּרעסערס פון שטיק	25	30
פאַר מאַכען אונגעסעטעלטע אַרב.	104	214
פאַר ניט ריכטיג סעטלען פּרייזען	70	88
פאַר ניט גלייך צוטיילען די אַרבייט — — — — — — —	124	243
פאַר דיסקרימינייישאָן געגען די אינסיידיגע אַרבייטער —	93	156
פאַר שיקען אַרבייט צו א ניט געדזשיסטערטען קאָנטראַקטאָר	71	123
פאַר דיסקרימינייישאָן געגען אן אויטסייד שאַפּ — — — —	1	1
פאַר דיסקרימינייישאָן געגען שטיק־אַרבייטער — — —	15	15
פאַר האַלטען אן אינסייד סאָבקאָנטראַקטאָר — — — —	37	48
פאַר מאַכען אינדיווידועלע אַגרימענטס — — — — — —	4	4
פאַר „דיסקרימינייישאָן" געגען אן אַרבייטער — — — —	201	588
פאַר אונגעזעצליך דיסטשאַרדזשען אן אַרבייטער — — — —	84	114
פאַר א בלבול געגען אן ארבייטער	39	49
פאַר געבען אַרבייט אהיים — —	4	4
פאַר אַרבייטען אָהן עלעקטרישע קראַפט — — — — — —	8	11

פאַרוואָס די יוניאָן האָט געקלאָגט :	צאָהל קלאַגען געגען אַלע באַסעס	צאָהל פערקלאָגטע באַסעס
פאַר ניט נאָכקומען אַן אָבמאַך אויף וועלכען א קאָמפּלעינט איז געסעטעלט געוואָרען —	82	109
פאַר ניט איבערגעבען אָפּיציעלע נאָטיסעס פון דער יוניאָן צו א שאָפּ־טשערמאַן — — — —	85	123
פאַר זידלען א ביזנעס אייזשענט פון דער יוניאָן — — — —	8	8
פאַר זידלען א שאָפּ־טשערמאַן —	15	17
פאַר זידלען אַן אַרבייטער — —	50	71
פאַר אַלערליי אַנדערע עבירות —	123	171
צ ו ז אַ מ ע ן — — —		3231

א סטאַטיסטישע טאַבעליצע איז א דאָקו־מענט, וואָס ניין און נייינציג פון הונדערט לע־זער, אפילו מיט א סיסטעמאַטישער בילדונג, ווייסען עס ניט מיט וואָס צו קייען. איך וועל עס אייך אָבער מאַכען קלאָר אַזוי, אַז יעדערער זאָל קענען פערשטעהן וואו עס קוועטשט דעם אַרבייטער דער שוך.

אַלע קלאַגען פון דער יוניאָן קענען צוטיילט ווערען אין עטליכע קלאַסען. ערשטענס, זיינען פאַראַן עטליכע צעהנדליג מאַנופעקטשורערס, וואָס היטען ניט אָב די פּונקטען וועגען אַרבייטס צייט. אין דער צייט פון צעהן חדשים האָבען זיך אָנגעקליבען 176 אַזעלכע קלאַגען, דאָס הייסט, דורכשניטליך, פיר מאָל א וואָך זיינען אריינגעקומען אין אָפיס קלאַגען, אַז ערגעץ ווע־רען ניט אָבגעהיט די רולס וועגען דער אַרבייטס צייט.

די צווייטע קלאַסע, און די גרעסטע, איז וועגען ווייזשעס. פון די 250 מאַנופעקטשורערס זיינען מעהר ווי העלפט אין דער צייט פערקלאָגט געוואָרען ביי דער יוניאָן פאַר ווייזשעס. פון די 274 קייסעס, אין וועלכע די ביזנעס אייד־זשענטס האָבען פערשריעבען, וואָס עס איז גע־וואָרען מיט די קאָמפּליינטס, זיינען 86 צוריק־געצויגען, אָדער „געדראָפּט" געוואָרען. דאָס הייסט, די ביזנעס אייזשענטס האָבען צוגעגע־בען, אַז ענטוועדער עס קומט ניט דעם אַרביי־טער, אָדער ער קען ניט בעווייזען, אַז עס קומט איהם. אין 186 פעלע אָבער האָבען די אַרביי־טער אויפגעמאָהנט און אין 2 פעלע האָבען די באָסעס אויפגעגעבען די ביזנעס, האָט די אַסאָ־סיאיישאָן פון זיי ניט געקענט אויפמאָהנען. אַלזאָ, אין די מעהרסטע קייסעס האָבען די אַר־בייטער געמאָהנט, וואָס עס האָט זיי געקומט. אין 44 קייסעס האָבען די פערטרעטער פון דער אַסאָסיאיישאָן געמוזט צוגעבען, אַז עס קומט דעם אַרבייטער יעדער סענט, וואָס ער מאָהנט, אָבער דער באָס האָט מיט גוטען ניט געוואָלט איינצאָהלען, און אין די מעהרסטע קייסעס האָט מען געסעטעלט מיט א קאָמפּראָמיס, ס'הייסט, אפשר האָט דער אַרבייטער געמאָהנט מעהרער איידער עס האָט איהם געקומט, אָדער דער באָס האָט עפּעס אַרונטערגעדונגען ביי דער אונטער־זוכונג.

ווייטער האָט די יוניאָן געלאָדען א פּאָאר צעהנדליג מאַנופעקטשורערס דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט געצאָהלט פאַר אָווערטיים. פיער פון די קלאַגען האָט די יוניאָן צוריקגעצויגען, וועגען דריי אַנדערע קען מען ניט דערגעהן, וואָס עס איז מיט זיי געוואָרען, אָבער 19 מאַ־נופעקטשורערס האָבען געמוזט איינצאָהלען יעדען סענט, וואָס די אַרבייטער האָבען גע־מאָהנט. פאַר ליגעל האָלידייס איז אויסגעקו־מען צו מאָהנען ביי א פערטעל פון אַלע באָ־סעס. ווי ווייט די פּייפּערס אין דעם אָפיס פון דער יוניאָן ווייזען, זיינען א פינפטעל פון די קלאַגען צוריקגעצויגען געוואָרען; אין די איבריגע קייסעס האָט דער באָס געמוזט ענט־פערען: „טוואָיע — בערי".

ווייטער האָט מען 92 באָסעס פערקלאָגט, אַז זיי צאָהלען די וואָכען־העגד אונטער דעם פּרייז, וואָס עס שטעהט אין פּראָטאָקאָל. אין צוויי דריטעל פון די קייסעס, וואו עס איז פער־שריעבען ווי זיי האָבען זיך אויסגעלאָזען, (64 פון 95), האָט דער באָס געמוזט צאָהלען.

א היבשע צאָהל באָסעס האָבען געדרעהט פון וואָכען־אַרבייט אויף שטיק־אַרבייט און פון שטיק־אַרבייט אויף וואָכען־אַרבייט. מעהר ווי אין א העלפט פון די קייסעס זיינען די קלאַגען באַוויזען געוואָרען.

איצט קומען מיר צו דער טבע פון די מאַ־נופעקטשורערס אַרונטערצורייסען פון די פּריי־זען פאַר שטיק־אַרבייט, וואָס שטעהען אין דער פּרייז־ליסטע. פערקלאָגט האָט מען 90 פון די 250 אַסאָסיאיישאָן באָסעס*), באַוויזען האָט מען 89 קלאַגען פון 137. דאָס הייסט, אַן ערך צוויי דריטעל.

מאַכען אַרבייט איידער מען האָט געסע־טעלט דעם פּרייז טאָר מען ניט, אָבער מען האָט עס געטהאָן זעהר אָפט, ווייל, נאַטירליך, דער באָס האָט געפאָדערט און די אַרבייטער האָבען מורא געהאַט ניט צו פאָלגען. פון די 163 קייסעס, וועגען וועלכע מען ווייס ווי זיי האָבען זיך אויסגעלאָזען, זיינען אין 85 די קלאַגען אַנערקענט געוואָרען פאַר גערעכט און 78 קלאַגען זיינען צוריקגעצויגען געוואָרען,

*) אין דער צייט, אויף וועלכער עס בעציהען זיך די ציפערען, זיינען נאָך קיין 250 מעמבערס אין דער פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן ניט געווען. אַלזאָ, איז די פּראָפּאָרציע נאָך גרעסער.

פאַרוואָס, — קען מען ניט דערגעהן. צי די פּרייזען זיינען געסעטעלט געוואָרען איידער מען האָט זיך געזעצט אַרבייטען, צי ניט, איז דאַכט זיך אַזאַ פּראָסטע פראַגע, וואָס מען קען אויף איהר אויסגעפינען א ריכטיגען ענטפער אין צוויי מינוטען: אָדער יע, אָדער ניין. אַזוי גלאַט קומען אין דעם אָפיס פון דער יוניאָן און קלאָגען, אַז מען נעהט אונגעסעטעלטע אַרבייט, אויב זי איז יאָ געסעטעלט געוואָרען, — ווער וועט דאָס זיך אַזוי נאַריש מאַכען? הייסט עס, אַז די קלאַגע איז טאַקע געווען א ריכטיגע, אָבער די יוניאָן בעאַמטע, אויס דיפּלאָמאַטיע, האָבען געפונען פאַר פּראַקטישער ניט צו קריגען זיך וועגען דעם מיט'ן באָס.

ווייטער קומען עטליכע הונדערט קייסעס, וואו די מאַנופעקטשורערס האָבען געזוכט אויף אַלערליי אופנים אויסצודרעהען זיך פון דעם סעטעלמענט, וואָס זיי האָבען געמאַכט מיט דער פּרייז־קאָמיטע, — די קלאָוקמאַכער ווייסען די קונצען, און פאַר די אַנדערע לעזער זיינען ניט וויכטיג די איינצעלהייטען. עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען אויסנאַהמען. קלאַגען, למשל, אַז אַרבייט ווערט אַרויסגעשיקט צו קאָנטראַקטאָרס און די אַרבייטער אינסייד זיצען לעדיג, זיינען אָנגעגעבען געוואָרען געגען דאָס רוב פון די מאַנופעקטשורערס, וואָס בעשעפטיגען קאָנטראַקטאָרס.

כמעט א דריטעל פון אַלע קאָמפּליינטס זיינען פאַר אַלערליי סאָרטען פערפאָלגונגען געגען די אַרבייטער, וואָס שטעלען זיך איין פאַר די רעכטע פון זייערע מיטאַרבייטער אין די שעפּער. קלאַגען וועגען „דיסקרימינייישאָן“, דאָס הייסט, אַז דער אַרבייטער איז געסעקט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער איז בעשטאַנען אויף די רעכטע פון דער יוניאָן, זיינען אָנגעגעבען געוואָרען געגען מעהר ווי צוויי הונדערט מאַנופעקטשורערס, דאָס הייסט, כמעט געגען יעדען פון זיי, און ניט איינמאָל, נור דורכשניטליך דריי מאָל אין צעהן מאָנאַטען.

עס העלפט ניט אימער, ווען מען סעטעלט אָפּ א קייס מיט דעם קלוירק פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאייישאָן. אין 82 שעפּער, דאָס הייסט א דריטעל פון אַלע פּראָטעקטיוו שעפּער, האָבען זיך די אַרבייטער באַקלאָגט, אַז די באָסעס ווילען ניט פאָלגען, וואָס איז אָפּגעמאַכט געוואָרען נאָך דער אונטערזוכונג, און מעהר ווי צוויי דריטעל פון אַזעלכע קלאַגען זיינען אַנערקענט געוואָרען פאַר ריכטיג.

מען רעדט וועגען דעם „פריינדליכען צוזאַמענווירקען צווישען דער אַסאָסיאייישאָן און דער יוניאָן“. אָבער אין דער ווירקליכקייט, האָבען 85 מאַנופעקטשורערס פּשוט איבערגעכאַפּט די נאָטיסעס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען צו די שאָפּ־טשערלייט, זיי זאָלען זיך מעלדען אין אָפיס פון דער יוניאָן. גאָר אַזוי ווי די זשאַנדאַרען וואָלטען געטהאָן אין רוסלאַנד. דורכשניטליך אן ערך איין מאָל אין פינף־זעקס וואָכען האָט ערגעץ א באָס געזידעלט א ביזנעס איידזשענט פון דער יוניאָן, ווען ער איז געקומען צוזאַמען מיט א פערטרעטער פון דער אַסאָסיאייישאָן צו אַטענדען צו יוניאָן ביזנעס. שאָפּ־טשערלייט האָבען געקראָגען געזידעלט אָפטער, אָבער אין א העלפט פון די קייסעס האָט מען דאָס די באָסעס געשענקט. גלאַט אַן אַרבייטער אָנזידלען האָבען זיך גענומען דאָס רעכט 50 באָסעס, אָבער פון די 71 קאָמפּליינטס האָט מען א דריטעל צוריק געצויגען, פון 10 קען מען ניט דערגעהן וואָס עס איז געוואָרען, און מעהר ווי העלפט זיינען געפונען געוואָרען פאַר ריכטיג.

דאָ זיינען ניט אַריינגערעכענט די קלאַגען, אַז עס אַרבייטען אין שאָפּ לייטע, וואָס בעלאַנגען ניט צו דער יוניאָן, אָדער אַז ביי דעם קאָנטראַקטאָר ווערען ניט אָבגעהיט יוניאָן־קאָנדישאָנס. אין חשבון זיינען אויך ניט אַריין די קלאַגען וועגען לאָקאַוטס. אין דער צייט פון דעם 1טען אַפּריל, 1911, ביז דעם 1טען דזשון, 1913, זיינען אָנגעגעבען 53 אַזעלכע קלאַגען געגען 40 מאַנופעקטשורערס. פון דער צאָהל קלאַגען קען מען וועגען 20 ניט דערגעהן, וואָס איז פון זיי געוואָרען, אין 17 קייסעס איז די יוניאָן געווען גערעכט, אין 4 איז די קלאַגע געווען א פאַלשע, און די איבעריגע 12 קלאַגען זיינען צוריקגעצויגען געוואָרען צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען.

פון דער אַנדערער זייט האָבען אין דערזעלבער צייט 151 מאַנופעקטשורערס פערקלאָגט די יוניאָן פאַר סטרייקס. די צאָהל קלאַגען איז געווען 304, אָבער פון דער צאָהל זיינען 18 צוריקגעצויגען געוואָרען. דאָס הייסט, אַז עטליכע צעהנדליג מאַנופעקטשורערס האָבען אין דער גאַנצער צייט גאָר קיין סטרייקס ניט געהאַט, די מעהרסטע האָבען ניט אויסגעמידען קיין סטרייקס. אָבער, ערשטענס, דאַרף מען געדענקען, אַז די יוניאָן האָט פאַר זיי יעדען סטרייק געבראָכען, וועהרענד אָהן דעם פּראָטאָקאָל, וואָלטען די אַרבייטער פיעלע פון די סטרייקס געוואונען, מיט דער הילף און אפילו גאָר אָהן דער הילף פון דער יוניאָן, און, צווייטענס, זיינען די מעהרסטע סטרייקס געבראָכען געוואָרען דעמזעלבען טאָג ווען די אַרבייטער האָבען געכאַפּט, אָדער אויף מאָרגען, וועהרענד, אָהן א פּראָטאָקאָל וואָלט די פעקטאָרי אָבגעשטעלט געוואָרען אויף א לענגערע צייט.

היינט, ווען דער באָס קען זיך שוין געבען אן עצה ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון א טעטיגען יוניאָן־מאַן, אָדער גלאַט אַזוי דערגעהן איהם די יאָהרען, און סטרייקען טאָר מען ניט, טו קיהלט זיך אָפּ ביים אַרבייטער דער חשק צו רייסען זיך מיט'ן באָס צוליעב די אינטערעסען פון זיינע מיטאַרבייטער אין שאָפּ. אין 104 שעפּער האָט קיין אַרבייטער ניט געוואָלט

אָנגעהמען צו זיין א שאפ־טשערמאַן, אָדער געהן אין די פרייז־קאָמיטע, פונקט ווי זיי וואָלטען געדארפט געהן דיענען פאר א סאָלדאט. דאָס הייסט, כמעט אין א העלפט פון אלע פראָטעקטיוו שעפער האָבען די טשערלייטע און מעמבערס פון די פרייז־קאָמיטעס פערטראָטען די אינטערעסען פון זייערע מיטארבייטער געצוואונגענערהייד. איהר קענט שוין פערשטעהן, וואָס פאר א כוואט אזא פערטרעטער קען זיין, און וואָס פאר א פרייז ער קען אויסדינגען. דאָס זיינען ניט קיין אבסטראקטע פרינציפען, עס האנדעלט זיך דאָ אום דאלארס און סענטס.

איהר זעהט, אלזאָ, אז דער פראָטאָקאָל, האָט ניט אָפגעשאפט די סכסוכים צווישען די ארבייטער און די באָסעס. אָבער ווי יענער פראנצויזישער עם הארץ האָט זיך ערסט צו פופציג יאָהר דערוואוסט, אז ער רעדט פראָזע, ווען ער האָט זיך גענומען לערנען גראַמאַטיקע, אזוי זיינען פאראן טרייד־יוניאָן לידערס וואָס ווייסען ניט, אז אָט די טויזענדער סכסוכים אין די שעפער בילדען וואָס מען רופט אויף דעם וויסענשאפטליכען לשון „קלאסען־קאמפף“. עס איז פשוט אונזין צו דרש'ענען, אז דער פראָטאָקאָל האָט איינגעפיהרט א פריינדשאפט צווישען די באָסעס און די ארבייטער און דעריבער דארפען די בעאמטע פון דער יוניאָן לעבען בשלום מיט די בעאמטע פון דער אסאָסיאיישאָן. עס קריעגען זיך דאָך דער ארבייטער מיט'ן באָס, און די בעאמטע פון דער יוניאָן זיינען דאָך אָנגעשטעלט מיט דעם איינציגען צוועק צו פערטרעטען די קלאגען פון די ארבייטער. אויב די יוניאָן בעאמטע ווילען אויסמיידען סכסוכים מיט דער אסאָסיאיישאָן, הייסט דאָס, אז זיי ווילען אויסמיידען די ארבייט פאר וועלכע זיי קריגען באצאָהלט. קיין געשריעבענער געזעץ, ווי גוט ער זאָל ניט זיין, איז נאָך קיינמאָל ניט בכח געוועזען אָבצושאפען סכסוכים צווישען מענשען. תרת משה איז ניט ערגער פאר תרת־בראנדייס, און די פרומע אידען גלויבען אין תורת־משה שטארקער איידער די קלאָוקמאכער און די קלאָוק־מאנופעקטשורערס אין דעם פראָטאָקאָל, און פונדעסטוועגען פלעגען זיי אין אלע צייטען נויטיג האָבען א בית־דין, וואו זיי זאָלען קענען קריגען גערעכטיגקייט איינער געגען דעם אנדערן. ווען א לאָיער ווי בראנדייס וויל איינרעדען די ארבייטער, אז אין זייערע סכסוכים מיט די באָסעס דארפען זיי ניט זוכען קיין גערעכטיגקייט, איז דאָס ניט מעהר ווי אן אוטאָפיע וועגען „סאָציאלען פריעדען“, וואָס פאסט זיך זעהר גוט פאר די קאפיטאליסטען — זיי דארפען ניט פארפיהרען קיינע דין־תורות מיט די ארבייטער, זיי טהוען וואָס זיי ווילען, צי זיי זיינען גערעכט, צי אונגערעכט. דעם ארבייטער אָבער, וואָס קומט פון שאפ אין דעם אָפיס פון דער יוניאָן באקלאָגען זיך אויף זיין באָס, קען מען מיט אזעלכע דרשות ניט אָפ־פטר'ן. ער נויטיגט זיך אין אן אונפארטייאישען געריכט וואָס זאָל איהם קענען באשיצען געגען די סאמאדערזשאַוונע מאכט פון דעם באָס. אין דעם פראָטאָקאָל איז אייגענטליך אזא שוץ געשאפען געוואָרען. ווען עס קומט פאָר א שטרייט צווישען אן ארבייטער, אָדער א גרופע ארבייטער, און א באָס, דארף מען עס ערסט פרובירען צו שליכטען מיט גוטען, — דערצו האָט מען פון אָנהויב באשטימט די באָרד אָוו גריוועַנסעס וואָס איז בעשטאנען פון צוויי באָסעס און צוויי יוניאָן לייט.

האָט זיך אָבער באלד ארויסגעוויזען, אז די צוויי באָסעס קענען זיך ניט אָפגעבען אומזיסט מיט פרעמדע טראָבעלס. האָט מען געשאפען באצאָהלטע בעאמטע—די „קלוירקס“, וואָס האָבען געדארפט מאכען פשרות צווישעןביידע צדדים. ווי זיי האָבען עס געטהאָן, ווייס דער אויבערסטער אליין, ווארים עס איז ערגעץ ניט פארשריעבען וואָס זיינען געוועזען די טענות פון יעדען צד און וואָס די קלוירקס האָבען באשלאָסען צו טאָן: עס איז אין קורצען נאָטירט למשל, אז די ארבייטער האָבען געקלאָגט, אז די ארבייט ווערט ניט איינגעטיילט גלייך צווישען די ארבייטער און די קאמפליינט איז „אדזשאסטעט“ געוואָרען, — ווי, פארלאָזט מען זיך אויף'ן זכרון. די ביזנעס־איידזשענטס זאָגען, אז זיי האָבען געסעטעלט גוט, אָדער אזוי גוט ווי עס האָט זיך געלאָזען. די ארבייטער זיינען אָפט אונצופריעדען, זאָגען די ביזנעס־איידזשענטס, אז דער קלאָוקמאכער איז שוין פון נאטור אזא מענש, אז איהם קענט איהר קיינמאָל ניט צופריעדען שטעלען. דער אמת איז אָבער, אז איידער איך בין נאָך ארײן אין די יוניאָן זיינען פאָרגעקומען הונדערט און פערציג קייסעס אין וועלכע די קלוירקס האָבען זיך ניט געקענט אייניגען. דאָס זיינען געוועזען אלין אזוינע קייסעס אין וועלכע יעדער צד איז באשטאנען אויף ערגעץ א פרינציפּ, דאָס הייסט, דער באָס האָט געזאָגט, אז ער מעג און די ארבייטער, אז ער טאָר ניט, אָדער פארקעהרט. אין אזעלכע פרינציפיעלע פראגען האָט מען זיך קיינמאָל ניט געקענט אייניגען, און דער לאָיער פון דער אסאָסיאיישאָן האָט געזאָגט ביי דער באָרד אָוו ארביטריישאָן לעצטען אָקטאָבער, אז אין אזעלכע פרינציפיעלע פראגען טאָרען די קלוירקס ניט מאכען קיין קאָמפּראָמיסען. מיינט ניט, אז אזא „פרינציפיעלע“ פראגע הייסט עפּעס אזוינס וואָס די ארבייטער קענען קריגען נאָר אין דער צוקינפטיגער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. אָט איז אייך א ביישפּיעל פון א פרינציפיעלע פראגע. ארבייטען אָווערטיים איז ערלויבט, נאָך דעם פראָטאָקאָל נאָך, נאָר אין געוויסע מאָנאטען, דאָס הייסט, אין

דער צייט ווען עס איז זעהר „ביזי“. עס טרעפט אָבער, אַז ווען דער סיזאָן האָט זיך שוין אָפיציעל אָנגעהויבען, געהען נאָך ארום א סך ארבייטער לעדיג. אין די שעפּער וואָס שטעהען ניט אונטער דעם פּראָטאָקאָל האָט די יוניאָן אַ רול, אַז כל זמן עס זיינען פאראַן לע־דיגע מאַשינען אָדער ביגעל־אייזענס טאָר מען ניט ארבייטען קיין אָווערטיים, — דערמיט וויל מען אויספיהרען, אַז דער באָס זאָל צוערסט באַזעצען אַלע זיינע מאַשינען, און דערנאָך, אויב די ארבייטער וועלען ניט קענען פארטיג ווערן צור צייט מיט זיינע אָרדערס, מעג ער פון זיי פערלאַנגען זיי זאָלען ארבייטען אָווער־טיים. ווען די יוניאָן האָט געוואָלט דיזעלביגע רול אנווענדען אין די פּראָטאָקאָל שעפּער, האָט די אַסאָסיאיישאָן פּראָטעסטירט דאגעגען, אויף דעם גרונד, אַז דאָס איז געגען דעם פּראָטאָ־קאָל, — אויב די יוניאָן וויל איינפיהרען אַ נייע רול, דארף זי זיך אָנפרעגען ביי דער אַסאָ־סיאיישאָן. אָט האָט איהר אַ פּרינציפּיעלע פראגע, אַן „אישו“. און מיינט ניט אַז די יו־ניאָן־בעאַמטע האָבען אויפגעהויבען די „אישו“, — ניין, די אַסאָסיאיישאָן האָט ארויינגעשיקט אַ פאָדערונג צו דער יוניאָן, אַז מען זאָל ארויס־נעהמען פון דער „נייער פּאָסט“ דעם אָרדער, מחמת אין איין אַסאָסיאיישאָן שאָפּ האָבען די ארבייטער אויף דעם גרונד פון דעם אָרדער ענטזאַגט זיך צו ארבייטען אָווערטיים. די יו־ניאָן האָט נאַטירליך ניט געקענט ארויסקומען מיט אַן עפענטליכער ערקלערונג, אַז פאַר די פּראָטאָקאָל שעפּער דארף מען מאַכען אַן אויס־נאַהם פון דעם אָרדער. האָט מען קודם כל ארויסגענומען דעם אָרדער פון דער „נייער פּאָסט“, מען האָט געהייסען די ארבייטער פון יענעם שאָפּ זיי זאָלען דערווייליע ארבייטען אָווערטיים און מען האָט, לויט די רולס, פאָר־געבראַכט די פראַגע פאַר דער באָרד אוו גריווענ־סעס, און דאָרטען האָבען זיך די פארטרעטער פון ביידע צדדים ניט געקענט אייניגען. שפּע־טער האָט מען די פראַגע פאָרגעבראַכט פאַר דער באָרד אָוו ארביטריישאָן, אָבער מיסטער בראַנדייס האָט זיך נאָך ניט אויסגעקליבען וועגען איהר צו פערהאַנדלען עד היום הזה. דאָס איז שוין מעהר ווי אַ יאָהר צייט.

ווי איך האָב אָקאָרסט געזאָגט, ווען די קלוירקס פון די ביידע צדדים קענען זיך ניט אייניגען, טו מעג מען זיך ווענדען צו דער באָרד אָוו גריווענסעס, וועלכע באשטעהט איצ־טער פון פינף מאַנופעקטשורערס און פינף יו־ניאָן־לייט. אָבער אין דער אמת'ן איז עס ניט מעהר ווי אַ פוסטע קאָמעדיע, ווייל אויב די קלוירקס האָבען זיך ניט געאייניגט, טו מעגט איהר זיכער זיין, אַז די באָסעס אין דער באָרד אָוו גריווענסעס וועלען זיך נאָך שטייפער שטע־לען אויף דער זייט פון דעם באָס, — דאָס איז געוועזען די עקספּיריענס פון אַלע וואָס האָבען גע־האָט צו טהאָן מיט דער באָרד אָוו גרי־ווענסעס, און דעריבער האָט די יוניאָן גע־פאָדערט אַן אונפּארטייאישען טשערמאַן וואָס זאָל קענען ענטשיידען וואָסער צד טייטשט אויס ריכטיג דעם פּראָטאָקאָל.

אייגענטליך, האָט דער פּראָטאָקאָל גופא שוין געגעבען דער יוניאָן דעם „אונפּארטייאי־שען טשערמאַן“, — דאָס איז דער טשערמאַן פון דער באָרד אָוו ארביטריישאָן. עס שטעהט אין פּראָטאָקאָל בפירוש, אַז יעדער סכסוך וואָס קען ניט געשליכטעט ווערען פון דער באָרד אָוו גריווענסעס מעג פאָרגעלעגט ווערען פאַר דער באָרד אָוו אָרביטריישאָן. איז אָבער מר. בראַנדייס זעהר ביזי און האָט קיין צייט ניט צו פארנעהמען זיך מיט די סכסוכים וואָס קע־נען פּאָרקומען צווישען איינצעלנע ארבייטער און איינצעלנע באָסעס. דער ריכטיגער מיטעל, ווען איין טשערמאַן האָט קיין צייט ניט אָדער קיין חשק ניט צו אטענדען צו זיינע פליכטען, איז איהם צו באדאנקען און אויסקלייבען אנאנ־דערן. האָט מען אָבער ניט געוואָלט איינריי־סען מיט אַזאַ גרויסען מאַן ווי רבי לואיס ד. בראַנדייס, פּס־פּס־פּס! דעריבער האָט מען געפאָדערט אַ צווייטען אונפּארטייאישען טשער־מאַן, וואָס זאָל שטעהן אונטער מר. בראַנדייס'ן. די פאָדערונג האָט די יוניאָן נאָך ביז אהער ניט געקראָגען.

די „קאָמיטע אָן אימידיעט עקשאָן“ מיט איהר אונפּארטייאישען טשערמאַן, וואָס בראַנ־דייס האָט געגעבען דער יוניאָן דערפאַר וואָס די דזשאָינט באָרד האָט אַנגענומען מיין רע־זיגניישאָן, טאָר ניט פּסק'ענען קיינע פּרינציּ־פּיעלע שאלות. דער אונפּארטייאישער טשער־מאַן מעג ארויסגעבען אַן ענטשיידונג ווען עס האַנדעלט זיך אויסשליסליך וועגען פאַקטען. אין דער צייט פון דעם יאָהר 1913 זיינען סך הכל פאָרגעקומען דריי קייסעס פון דעם סאָרט פאַר דער באָרד אָוו גריווענסעס. עס איז זעהר וואַרשיינליך, אַז עס וואָלטען פאָרגעקומען אַ סך מעהרער, אויב די ביזנעס־איידזשענטס פון דער יוניאָן וואָלטען אימער איינגע־עקשן'ט זיך וועגען די רעכטע פון די אר־בייטער, אָבער וויסענדיג, אַז וואָס זיי קרי־גען ניט מיט גוטען פון די קלוירקס פון דער אַסאָסיאיישאָן וועט די יוניאָן דורך די באָרד אָוו גריווענסעס זיכער ניט קריגען, פלעגען זיי נאָכגעבען, אבי עפּעס צו קריגען. עס איז מעגליך, אַז אויב דער אונפּארטייאישער טשער־מאַן וועט ווירקליך זיין אונפּארטייאיש, וועלען די ביזנעס איידזשענטס פון דער יוניאָן אויס־גלייכען זייערע איינגעבויגענע רוקענס, און דאָס וועט זיין אַ מאָראַלישער געווינס פאַר די יוניאָן. אָבער אין אַלע וויכטיגערע פראַגען, וואו עס האַנדעלט זיך אום די רעכטע פון די ארבייטער,

איז די לאגע געבליעבען אזוי ווי זי איז געוועז. פרינציפיעלע פראגען מוזען פארקומען שטענדיג, ווייל די באסעס ווילען קיינמאל ניט אפלאזען קיין ברעקעל פון זייער סאמאדערזשאווונער מאכט אין שאפ. דער איינציגער מיטעל ניט אויפצוהויבען קיין „אישוס“ איז אימער טהאן אזוי ווי דער באס וויל.

וואס זשע געווינט די יוניאן דורך דעם פראטאקאל? די מאמינים פון דעם פראטאקאל רעכענען אויס אלע פארבעסערונגען וואס די יוניאן האט געוואונען דורך דעם דזשענעראל סטרייק. דאס זיינען אבער צוויי באזונדערע זאכען. דעם פראטאקאל קען מען פארגלייכען מיט דעם מאניפעסט פון דעם 17טען אקטאבער 1905 אין רוסלאנד. ווי שלעכט עס איז אין ניקאלאי׳ס מדינה זינט דער אונטערדריקונג פון דער רעוואלוציאן, איז דארטען היינטצוטאג פארט פאראן א סך מעהר פרייהייט איידער פאר דעם מאניפעסט. אבער מיט וואס האט דער רוסישער פאלק געוואונען די ביסעל פרעספרייהייט, די שטיקעל פעראיינס־ און פערזאמלונגס־פרייהייט וואס ער האט היינטצוטאג: מיט דעם מאניפעסט, אדער מיט דעם דזשענעראל סטרייק? און אזוי איז אויך מיט די פארבעסערונג אין דער לאגע פון די קלאוקמאכער; וואס זיי האבען געוואונען האבען זיי אויסגעקעמפפט דורך דעם דזשענעראל סטרייק פון 1910, ניט דורך דעם פראטאקאל.

אמת, די פרעסערס האבען געקראגען א רייז דורך דער בארד אוו ארביטריישאן. אבער מען מוז געדענקען אז לעצטען דזשולייי, בשעת די דזשאינט בארד האט געהאלטען אין קאנפערירען מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, האט דער פרעסערס לאקאל אפגעהאלטען א מיטינג אין קופער יוניאן און האט אנגענומען א רעזאלוציאן, אז אויב די פרעסערס וועלען ניט קריגען קיין רייז, וועלען זיי ארויס סטרייקען. דאס איז געווען א פארברעכען געגען דעם פראטאקאל, אבער די פרעסערס האבען פון דער בארד אוו ארביטריישאן געקראגען א רייז. צו דערזעלבער צייט איז בעוויזען געווארען סטאטיסטיש, אז די קאטערס האבען נאך ווייניגער וואכען ארבייט א יאהר איידער די פרעסערס, און אויב די פרעסערס האבען ניט געקענט מאכען קיין לעבען פון זייערע פריהערע וויידזשעס, טו קענען די קאטערס אויך ניט מאכען קיין לעבען. אבער די קאטערס יוניאן איז געווען אין פריינדליכע בעציהונגען צו דער אסאסיאיישאן, לעצטען זומער האט זי געמאכט א פיקניק („א קלעמבייק“) און האט איינגעלאדען די אסאסיאיישאן באסעס צום פיקניק. קיין רייז אבער האבען די קאטערס ניט געקראגען.

ווייטער, הייסט דאס, האט די יוניאן געקראגען דעם אונפארטייאישען טשערמאן אויף א פריעדליכען וועג דורך דעם פראטאקאל. איז ערסטענס, ווי איך האב שוין געזאגט, האט מען דאך דא אייגענטליך געקראגען דאס וואס עס איז שוין געשטאנען פון אנהויב אן אין פראטאקאל, אבער וואס מיסטער בראנדייס האט פשוט מיט זיין סאמאדערזשאווונעם ווילען אפגעשאפט, פונקט אזוי ווי ניקאלאי האט אפגעשאפט די פרייהייטען וואס זיינען געשטאנען אין דעם מאניפעסט פון דעם 17טען אקטאבער 1905. און ווען מיסטער בראנדייס האט שוין יע אומגעקעהרט זיין געליעבטען פאלק פון דער קלאוקמאכער יוניאן דאס וואס עס איז זיי צוגעזאגט געווארען אין דעם פראטאקאל, האט ער עס זיי אויך ניט אומגעקעהרט אין גאנצען, ווארים די מאכט פון דעם אונפארטייאישען טשערמאן איז זעהר באשרענקט. און צווייטענס, האט מיסטער בראנדייס באוויליגט די פאדערונג פון דער יוניאן, ווען מ׳האט מורא געהאט, אז עס האלט ביי א דזשענעראל סטרייק. דאס איז גאנץ קלאר פון דעם סטענאגראפישען רעפארט פון דער זיצונג פון דער בארד אוו ארביטריישאן. מר. טאמסאן האט געזאגט מר. בראנדייס׳ן, אז ער מוז נאכגעבען דער יוניאן די דאזיגע פאדערונג, צוליעב „דער הייץ וואס עקזיסטירט אין ניו־יארק“ (מינוטס פון דעם 23טען יאנואר, זייטע 42). מיט דריי חדשים פריהער האט דערזעלביגער מר. בראנדייס די פאדערונג צוריקגעוויזען, ער האט אונז געהייסען מיר זאלען נאך אמאל וועגען דעם קאנפערירען מיט דער אסאסיאיישאן. ניט די רוהיגע פערהאנדלונגען פאר דער בארד אוו ארביטריישאן אויף דעם גרונד פון דעם פראטאקאל, נאר דער טומעל און די מאססמיטינגען האבען געוואונען פאר דער יוניאן די פאדערונג וועגען אן אונפארטייאישען טשערמאן.

צו דערזעלבער צייט האט דער פראטאקאל געהאט א דעמאראליזירענדע ווירקונג אויף די ארבייטער אין די שעפער און אויף די בעאמטע פון דער יוניאן. דער גייסט פון פראטעסט אין שאפ איז אפגעשוואכט געווארען, ווייל די ארבייטער ווייסען, אז די יוניאן וועט זיי ניט אונטערשטיצען, נאר פארקעהרט, זי וועט נאך שיקען סקעבס אויף זייערע פלעצער, אויב זיי וועלען אבשטעלען די ארבייט.

צו דערזעלבער צייט מעג דער באס מאכען א לאקאוט פון א גאנצען דעפארטמענט, הגם א לאקאוט איז פונקט אזוי פערבאטען פון דעם פראטאקאל ווי א סטרייק. אבער דער באס רופט עס ניט „לאקאוט“, ער מאכט נור א „רעארגאניזיישאן פון דעם סיסטעם“ — אנשטאט אפעריטאר און פינישער ארבייט שניידער ארבייט, — אדער ער נעהמט א נייעם פארמאן און דאס, טייטשט ער אויס, איז אויך א „רעארגאניזיישאן פון דעם סיסטעם“. ער מעג

אלזאָ אוועקשיקען אלע ארבייטער וואָס האָבען געארבייט אונטער דעם אלטען פאָרמאן; אָדער מיט א מאָל ווארפט ער ארויס א צאָהל מאַשינען, ער דארף כלומרשט „פערקלענערען דעם שאפ“, און עס פאלען ארויס גראד יענע ארבייטער, פון וועלכע ער וויל פטור ווערען. צי דאָס איז א לאקאוט, צי ניט, איז ווידער א „פרינציפיעלע פראגע“, וועלכע קיינער חוץ מר. בראנדיים׳ן קען ניט ענטשיידען. אָבער דערווילע ווארפט מען ארבייטער פון די שעפער, און די יוניאָן קען זיי ניט העלפען. דער ארבייטער וואָס וויל זיין זיכער מיט זיין שטיקעל ברויט זיצט שטיל און לאָזט איבער פאר די אנדערע צו זיין די מארטירערס.

ביי די פארטרעטער פון דער יוניאָן, וואָס טרעפען זיך צוזאמען מיט די פארטרעטער פון דער אסאָסיאיישאָן, האָט זיך אויסגעארבייט א גלייכגילטיגקייט צו די צרות פון די ארבייטער אין די שעפער, — זיי קוקען אויף די אלע קאָמפליינטס ווי רעגעלע טשינאָווניקעס. צו דערזעלבער צייט ווערען זיי צוגעוועהנט צו־צו׳חנפ׳ענען זיך צו די פארטרעטער פון דער אסאָסיאיישאָן, — נאטירליך, דאָס רופט מען „דיפלאָמאטיע“.

דער „פראטאקאָל“, ווי איהר זעהט, איז ניט קיין געוועהנליכער קאָלעקטיווער אָבמאך צווישען א יוניאָן פון ארבייטער און א פערבאנד פון באָסעס. ניט יעדער אָבמאך צווינגט די יוניאָן ברעכען סטרייקס פאר די באָסעס. מען קען זיך גאנץ גוט פאָרשטעלען אן אָפמאך וואָס זאָל ענטהאלטען א פונקט, אז ווען די ארבייטער סטרייקען דארף באלד אויפ׳ן שטעל קומען די באָארד אָוו ארביטריישאָן און ארויסגעבען א פסק דין, און דערווייל זאָל דער באָס ניט טאָרען אריינגעהמען קיין סטרייק־ברעכער. דער באָס האָט יע דיזעלביגע פריווילעגיע אונטער דעם פראטאקאָל: ווען ער מאכט א לאקאוט, בלייבען דערווייל די ארבייטער אויף דרויסען, ביז וואנען די באָארד אָוו ארביטריישאָן וועט איהם הייסען זיי צוריקצונעהמען. דער לאקאוט בלייבט, אלזאָ, אין קראפט, — פארוואָס זאָל די יוניאָן ניט האָבען דיזעלבע רעכטע און די ארבייטער זאָלען בלייבען אין סטרייק, ביז וואנען דער סכסוך וועט ניט ענטשיידען ווערען פון דער באָארד אָוו ארביטריישאָן?

ווי ער איז איצטער, איז דער פראטאקאָל בעצם דיזעלבע זאך ווי „קאמפאלסארי ארביטריישאָן“ מיט א פערבאָט פון סטרייקס. אמת, די יוניאָן קען צו יעדער צייט אָפברעכען דעם פראטאקאָל און ווערען פריי צו סטרייקען, אָבער די ערפאהרונג האָט בעוויזען, אז אָפברעכען דעם פראטאקאָל איז שווער, וואָרים מ׳האָט מורא פאר אן אלגעמיינעם לאקאוט, אָדער א דזשענעראל סטרייק. בלייבט אלזאָ א פרייוויליג אָנגענומענע „קאמפאלסארי ארביטריישאָן“, מיט איהר גרעסטען חסרון, דעם פערבאָט פון סטרייקס, וואָס צוליעב דעם אליין איז דאָך די גאנצע ארבייטער בעוועגונג געגען קאמפאלסארי ארביטריישאָן — און אָהן דער וויכטיגסטער מעלה פון דעם פלאן, אָהן ארביטריישאָן. אנשטאט ארביטריישאָן האָט מען בראנדייס׳עם פילאָזאָפיע, אז די באָסעס און די ארבייטער זיינען „פארטנערס אין ביזנעס“ און דעריבער דארפען זיי לעבען בשלום, ווי א מאן מיט א ווייב. עס האנדעלט זיך אלזאָ ניט גלאט אום דעם נאָמען „פראָטאָקאָל“, נור אום דעם עיקר: דער נאָמען „פראטאקאָל“ באצייכענט אין דער פראקטיקע ניט פראָסט א קאָלעקטיווען אָבמאך צווישען א יוניאָן און אן אסאָסיאיישאָן, נור א גאנץ בעשטימטע אויפפאסונג פון דער ארבייטער פראגע, דיזעלבע וואָס ווערט פערטראָטען אין דייטשלאנד פון די „געלע“ יוניאָנס, וועלכע ווערען פון די דייטשע געווערקשאפטען גאָר ניט אנערקענט פאר קיין קאמפף־אָרגאניזאציאָנען פון דער ארבייטער קלאסע.

ליוויק האלפערן

* * *

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט א לאנד א פערבאָטענע;
ערגעץ הויך שטעהען בערג
נאָך פון קיינעם געטראָטענע;
ערגעץ טיעף, ערגעץ טיעף,
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
ליגען אוצרות מיט גאָלד,
ליגען אוצרות פערשאָטענע.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
שוועבט א גייסט נאָך א זויבערער,
אויף א וועג אָן א זייט
זיצט נאָך ערגעץ א צויבערער!

ערגעץ טרייסט מען זיך נאָך
מיט א חלום א ליכטיגען;
ערגעץ פלאַמט נאָך דאָס וואָרט
פון א נביא א ריכטיגען.

ערגעץ שטיל, ערגעץ שטיל
ליגט און וויינט א געבונדענער;
שטיל שטארבט אָפּ א געבעט
און א טרוים א פערשוואונדענער;
ערגעץ וואַגעלט ווער אום
טיעף אין שנעע א פערשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דער לאנד דער פערבאָטענער...

פיליפ קראַניץ

די מאָנראָו דאָקטרין אמאל, היינט און אין דער צוקונפט

.2

מען דערצעהלט, אז סימאָן באָליוואַר, וועלכער איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן טיטול „ליבעראַטאָר" פאַר זיין העלדישען קאמפף געגען די שפאנישע הערשאפט אין זיד־אמעריקא, האָט ערקלערט פאר זיין טויט אין 1830 מיט א וועהטאָג אין הארצען: „אונזערע קאָנסטיטוציאָנען זיינען ביכער, אונזערע געזעצע זיינען פאפיער, אונזערע וואהלען זיינען שלאכטען . . . . מיר וועלען קומען צו אזא מדרגה, אז קיין אויסלענדישע נאציאָן וועט ניט זוכען אונז צו עראָבערן, און מיר וועלען רעגיערט ווערן פון קליינע טיראנען" . . .

וואָס פאר א פראָפעטישער בליק! מען מוז צוגעבען, אז דיעזער מערקווירדיגער מאַן, וועלכער ווערט אויך גערופען „דער וואשינגטאָן פון זיד־אמעריקא", האָט געקענט זיינע לאנדסלייטע. שוין באלד א יאָהרהונדערט זייט זיי האָבען ערוואָרבען זייער פאָליטישע אונאבהענגיגקייט נאָך א לאנגען און בלוטיגען קאמפף מיט שפאניען, אָבער זיי האָבען זיך נאָך אלץ ניט בערוהיגט. עס בלייבט נאָך אלץ ריכטיג, אז אין די מייסטע פון די צוואנציג זאָ־גענאנטע „לאטיינישע" רעפובליקען זיינען טאקע „די געזעצע פאפיער און די וואהלען — שלאכטען". עס געהט ניט אוועק א יאָהר אָהן א זאָ־גענאנטע רעוואָלוציאָן, שפאניש גערעדט „פראָנונסיאמענטאָ", אין איינִיגע פון זיי. אָט אין דער צייט ווען דיעזע צייַלען ווערן געשריעבען „רעוואָלוציאָנירט מען" ניט נור אין מעקסיקאָ, וועלכע איז בעזונדערס געבענשט געוואָרען מיט פאָליטישע איבערקעהרעניסען און דיקטאטורען אין פאָריגען יאָהרהונדערט און וועלכע וועט, קען זיין, צושפאלטען ווערן וועניגסטענס אין צוויי טהיילען דורך דעם אונאויפהערליכען אינערליכען קאמפף זייט די פעריאָנונג פון דעם אלטען דיקטאטאָר פאָרפיריאָ דיאז, זאָנדערן אויך אין פערו, עקוואדאָר, אורוגוואי און האאיטי (אין דיעזער מערקווירדיגער נעגער רעפובליק הערט די רעוואָלוציאָנערע מגפה בכלל ניט אויף אזוי ווי די מגפה פון געלען פיעבער). עס הערט זיך, אז עס קלייבען זיך אויך רעוואָלוציאָנערע וואָלקענס אויף דעם הימעל פון בראזיליען, וועלכע איז די גרעסטע און שטאַרקסטע מאכט אין דער נייער וועלט נאָך יונייטעד סטייטס. יא, עלעקשאָנס אין די שפאניש־שפרעכענדע רעפובליקען זיינען גאנץ אָפט שלאכטען, טאקע אין דעם בוכשטעבליכען מיליטערישען זינען פון דיעזען וואָרט; און דאָס וואָס עס ווערט אין אמעריקאנישע און אייראָפעאישע צייטונגען געקרוינט מיט'ן נאָמען „רעוואָלוציאָן", איז אין דער ווירקליכקייט גאָר אַן „עלעקשאָן", אַן אויסוואהל פון א נייעם דיקטאטאָר, ווענען עס איז געלונגען נאָך אַן אויפשטאנד, פראָנונסיאמענטאָ אָדער פערשווערונג צו פעריאָגען דעם אלטען דיקטאטאָר.

וואָרום אַלע „לאַטיינישע" רעפובליקען זיינען געבליבען אונאבהענגיג.

דאָך, טראָץ אַלע זייערע אינערליכע רייסערייען און איבערקעהרעניסען, טראָץ אַלע זייערע בירגער־קריעגען, ווי אויך זייערע מלחמות צוליעב די גרענצען פון זייערע טעריטאָריעס, דורך וואָס ניט נור דער האנדעל פון אייראָפעאישע לענדער האָט שטארק געליטען, זאָנדערן אויך פיעלע אייראָפעאישע בירגער האָבען פערלאָרען זייערע פערמעגענס און פשוט לעבענס, האָט עס נאָך אייגענטליך ניט פאסירט, אז אירגענד וועלכע אייראָפעאישע גרויסמאכט זאָל מאכען אַן ערנסטע פראָבע און אפילו בעשטימט פלאנעווען צו בענוצען זיך דערמיט, אום טאקע צו צושטערען אירגענד וועלכע פון דיעזע ניי־געבאקענע און שוואכינקע רעפובליקען און צו פערכאפען דאָרטען טעריטאָריע.

דערלאנגט א בליק אויף דער קארטע פון זיד־אמעריקא און אפילו פון דער גאנצער נייער וועלט צום זיד פון יונייטעד סטייטס, און זוכט, ווי פיעל לאנד אַלע אייראָפעאישע מלוכות צוזאמען האָבען דאָרטען פערנומען אין די לעצטע הונדערט יאָהר, נעמליך זייט דעם סוף פון די נאפאָלעאָנישע מלחמות און זייט דעם וויענער קאָנגרעס אין 1814. אייער זוכען וועט זיין אומזיסט. אַלע טעריטאָריעס און אפילו אינזלען, וועלכע בלייבען נאָך היינט אַלס אייראָפעאישע פאָסעסיעס, זיינען פערנומען געוואָרען מיט יאָהרען פריהער, מאנכע זאָגאר זייט די צייטען פון די ענטדעקונגען און עראָבערונגען אין 16טען יאָהרהונדערט. אפילו ענגלאנד האָט געקענט אריינכאפען דעם טהייל פון צענטראַל אמעריקא, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בריטיש

האָנדוראס" אָדער „בעליזע" ארום דעם מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט נור אויף דעם גרונד, ווייל זי האָט געהאַט פּרעטענזיעס דאָרטען זייט דעם אָנפאַנג פון 17טען יאָהרהונדערט.

ווארום האָט עס אָבער אַזוי פּאַסירט? וואָס אַזוינס האָט אין דער אמת'ן אָבגעהאַלטען די אייראָפּעאישע מעכטע פון כאַפּען לאַנד ביי די צוברעקעלטע און צובלוטיגטע רעפּובליקען אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ?

זאָל עס טאַקע זיין, ווי באָליוואַר האָט פּראָפעצייהט, אַז קיין אויסלענדישע נאַציאָן וועט גאָר ניט זוכען צו עראָבערן אַזעלכע געפעהרליכע ברואים? דאָס שיקט זיך עפּעס ניט, אָבוואָהל מען קען ניט אָפּלייקענען אין גאַנצען, דאָס עס איז טאַקע געווען אַ זעהר שווערער און געפעהרליכער עסק צו כאַפּען לאַנד אין אירגענד וועלכען טהייל פון זיד־אַמעריקאַ אין פאָריגען יאָהרהונדערט. די קינדער פון די שפּאַניער, די קרעאָלען און אויך די מעסטיזאָס (געמישטע פון ווייסע און אינדיאַנער) האָבען אין דער צייט פון זייער פערצווייפעלטען קאַמפּף געגען שפּאַניען בעוויזען, אַז זיי זיינען אויסגעצייכענטע קריעגערס. די אייראָפּעאישע רעגיערונגען האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ניט נור קענען די איינוואָהנער פון די ניי־געשאַפענע רעפּובליקען געבען איבער די הענד די פרעמדע כאַפּערס, זאָנדערן זיי וועלען אויפהערען זייערע אינערליכע און אויסערליכע רייסעריען און זיך פעראייניגען, אום צוריק צו שטויסען די אַטאַקעס פון אויסלענדער. עס איז ניט שווער געווען און עס איז אויך היינט ניט שווער פאר אַן אייראָפּעאישע גרויסמאַכט צו בלאָקירען די פּאָרטען פון אירגענד וועלכער לאַטיינישער רעפּובליק; אָבער עס איז שטענדיג זעהר שווער אַריינצודרינגען מיט אַן אַרמעע אַהין אין מיטען לאַנד, בעזאָנדערס דאָרטען וואו עס ציהען זיך די קאָרדעליערען אָדער אַנדערע בערג.

זאָל עס זיין צוליעב די מאָנראָו דאָקטרין, ווי די מייסטע אַמעריקאַנער גלויבען עס באמונה שלמה, אָדער גאָר צוליעב די אייגענע פערדריהעניסען און בעזאָנדערס צוליעב די אייפערזוכט פון די אייראָפּעאישע מעכטע, ווי אונפּאַרטייאישע היסטאָריקער רעכענען עס?

דאָ איז ניט דער פּלאַץ אַריינצולאָזען זיך אין היסטאָרישע איינצעלהייטען וועגען די פערשיעדענע אַריינמישונגען פון אייראָפּעאישע גרויסמעכטע, ספּעציעל פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, אין די אַנגעלעגענהייטען פון די לאַטיינישע רעפּובליקען אין 19טען יאָהרהונדערט; אָבער עס וואָרפט זיך פּשוט אין די אויגען, דאָס יונייטעד סטייטס וואָלט ניט געווען בכוח, ספּעציעל אין דער ערשטער העלפט פון פאָריגען יאָהרהונדערט און אויך אפילו אין די ערשטע צעהן יאָהר נאָך דעם סוף פון דעם גרויסען בירגער־קריעג, צו פערוועהרען ריעזע מעכטע אין נאָמען פון דער מאָנראָו דאָקטרין צו פערכאַפּען אייניגע פּאָרטען אין זיד־אַמעריקאַ און אפילו אין צענטראַל אַמעריקאַ. אויב ענגלאַנד און פראַנקרייך וואָלטען זיך דאַן צוזאַמענגערעדט צו כאַפּען לאַנד אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ, וואָלטען זיי ווענינגער פון אַלץ געשטערט געוואָרען פון דער מאָנראָו דאָקטרין, וועלכע איז קיין מאָל ניט אַנערקענט געוואָרען אָפיציעל פון אירגענד וועלכער אייראָפּעאישער אָדער אַזיאַטישער מאַכט און וועלכע איז אייגענטליך קיין מאָל ניט פאָרמולירט געוואָרען גענוי פון דער רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס. דער פאַקט איז, אַז זי איז פערטייטשט געוואָרען און ווערט אויך יעצט פערטייטשט פ ע ר ש י ע ד ע ן אונטער פערשיעדענע אומשטענדען און פערשיעדענע צייטען און אַז איהר שטאַרקסטער אַרגומענט איז גאָר די צאַהל פון אַמעריקאַנער קריעגשיפען...

די פראַנצויזען אין מעקסיקאָ.

די יעניגע וועלכע מיינען, אַז ווען ניט די מאָנראָו דאָקטרין, וואָלטען טאַקע אייראָפּעאישע מעכטע פערכאַפּט טעריטאָריעס אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ, ווייזען געוועהנליך אָן אויף נאַפּאָלעאָן דעם דריטען'ס משוגענע און סקאַנדאַלעזע אַוואַנטורע אין מעקסיקאָ צו דער צייט פון דעם בירגער־קריעג אין יונייטעד סטייטס. מען דערצעהלט אונז געוועהנליך, אַז די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט זיך געוועלט בענוצען מיט די אינערליכע שטרייטען און צרות פון יונייטעד סטייטס, אום ניט נור איינצופלאַנצען אַ קייזערטהום אין מעקסיקאָ אונטער דעם עסטרייכישען פּרינץ מאַקסימיליאַן, זאָנדערן אויך צו פערנעהמען דאָרטען פאַר איינגאַנג עטליכע פּאָרטען און צו עטאַבלירען אַזוי פראַנצויזישע קאָלאָניעס אין צענטראַל־אַמעריקאַ. מען דערצעהלט אונז ווייטער, אַז דער דאָזיגער פּלאַן איז דורכגעפאַלען ספּעציעל דורך דעם, וואָס די וואַשינגטאָנער רעגיערונג האָט פּראָטעסטירט אין 1865, נאָך דעם סוף פון דעם בירגער־קריעג, אין נאָמען פון דער מאָנראָו דאָקטרין געגען די פראַנצויזישע אַריינמישונג אין מעקסיקאָ און האָט זאָגאַר געסטראַשעט מיט קריעג, אויב די פראַנצויזישע אַרמעע וועט זיך ניט צוריקציהען אין גאַנצען פון דער מעקסיקאַנער טעריטאָריע.

דאָס איז אָבער גאַנץ ווייט פון דעם היסטאָרישען אמת און יעדענפאַלס זעהר שטאַרק איבערטריבען און דזשינגאָאיסטיש צוגעפאַרבט. אין דער ווירקליכקייט האָט נאַפּאָלעאָן דאַן געזוכט אַן אויסוועג זיך אַרויסצודרייען ווי עס איז פון דער געפעהרליכער און אויך שענדליכער אַפּערע, אין וועלכער ער איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען פון מעקסיקאַנער אינטריגאַנטען און רעאַקציאָנערען מיט דער הילפע

פון דער קאטאלישער קירכע. די פראנצויזישע רעגיערונג האט זיך באלד ארומגעזעהען, אז זי איז פערקראכען צו ווייט אין מעקסיקא, און זי האט בעשלאסען צוריקצורופען איהר ארמעע לאנג פריהער איידער די וואשינגטאנער רעגיערונג האט זיך דיפלאמאטיש אריינגעמישט.

אויסערדעם דארף מען נעהמען אין בעטראכט, אז די מעקסיקאנער ליבעראלען אונטער דער לייטונג פון פרעזידענט בעניטא כואַרעז האבען ניט אויפגעהערט צו קעמפפען מיט געוועהר אין די הענד געגען די היימישע רעאקציאנערען און קלעריקאלען און אויך געגען די פראנצויזישע ארמעע. אין די שלאכטען, וועלכע זיינען דאן פארגעקומען, האבען די מעקסיקאנער בעוויזען, אז זיי זיינען אין שטאנד ניט נור צו וועהרען זיך געגען דיסציפלינירטע אייראפעאישע סאלדאטען, זאנדערן אויך זיי צו בעזיעגען. די מעקסיקאנער פאטריאטען האבען שליסליך אהן שום זייטיגע הילפע געפאנגען דעם „קייזער“ מאקסימיליאן, וואס נאפאלעאן האט פאר זיי אויסגעקליבען, און האבען איהם הינגעריכטעט ניט אכטענדיג אויף די ביטעס פון אלע רעגיערונגען, דארונטער אויך פון יונייטעד סטייטס, אז מען זאל איהם לאזען לעבען. דיעזע שרעקליכע אוואנטורע, וועלכע האט געקאסט אזוי פיעל בלוט דער מעקסיקאנער נאציאן, האט ערשט געצייגט, ווי שווער, כמעט אונמעגליך עס איז אפילו פאר אן אייראפעאישע גרויסמאכט צו עראבערן מעקסיקא.

פאליטישעס גלייכגעוויכט אין זיד־אמעריקא.

ווען עס זאל היינט, למשל, טרעפען, אז אן אייראפעאישע מאכט זאל פרובירען עפעס א כאפ טאן ביי א רעפובליק אין זיד־אמעריקא, קען עס גאר קיין צווייפעל ניט זיין, אז די אנדערע רעפובליקען דארטען, ספעציעל טאקע די גרעסערע און שטארקערע, ווי בראזיליען, ארגענטינע און טשילי, וועלען ענטשיעדען ארויסטרעטען געגען דעם ניט בלויז מיט פראטעסטען, זאנדערן אויך מיט געוועהר אין די הענד, ווען דאס וועט נויטיג זיין, אבגעזעהען פון די האנדלונגען פון יונייטעד סטייטס מיט אדער אהן דער מאנראו דאקטרין. אזוי וועט פארדערן זייער אויסלענדישע פאליטיק פשוט זייער *אינטערעס* אלס אונאבהענגיגע רעפובליקען. דארטען, אין זיד־אמעריקא, איז שוין עטאבלירט געווארען א *פאליטישעס גלייכגעוויכט* צווישען די צעהן רעפובליקען, אונגעפעהר אזוי ווי צווישען די לענדער אין אייראפא, און דאס האט אייגענטליך קיין שום שייכות ניט מיט דער מאנראו דאקטרין, וואס מען זאל ניט פערשטעהן אונטער איהר היינט צו טאג. ווען יונייטעד סטייטס אליין איז שוין געווארען א *קאלאניאלע מאכט* און האט אין איהרע הענד דעם שליסעל פון דער נייער וועלט דורך דעם בעזיץ פון פאנאמא קאנאל און דורך פעסטונגען ביי זיינע ביידע אריינפאהרען דארטען. . . .

יעצט, לאזט זיך גאר אויס, האט מען פיעל מעהר מורא אין דער לאטיינישער אמעריקא פאר די איבערמאכט פון יונייטעד סטייטס, ווי פאר די אמביציעס און פערכאפונגען פון די אייראפעאישע מעכטע. דער אמת איז, אז מען האט זיך אייגענטליך קיינמאל ניט געשראקען פיעל אין די שפאניש־שפרעכענדע רעפובליקען פאר די קאלאניאלע כאפערס פון אייראפא, ווייל מען האט געוואוסט, אז זיי וועלען ניט *פערגינען* איינע די אנדערע און אז ענגלאנד, ווי אויך פראנקרייך, וועלען קיין אנדער מאכט ניט לאזען שטעלען א פוס אויף דעם באדען פון זיד־אמעריקא, ווי באלד זיי אליין בעגנוגענען זיך מיט זייערע אלטע פאסעסיעס אין ־ער נייער וועלט.

דער נאציאנאליטעטס־פרינציפ.

מען דארף איבערהויפט ניט מיינען, אז ביי היינטיגע צייטען קען אירגענד וועלכע גרויסמאכט גלאט אין דער וועלט אריין, אהן שום צערעמאניעס, פרעטענזיעס און תירוצים, כאפען לאנד אפילו ביי די שוואכסטע שכנים אין אייראפא.

דער פרינציפ פון נאציאנאליטעט ווערט דאך אלץ מעהר און שטארקער אנערקענט אין דער ציוויליזירטער וועלט. מיר זעהען דאך, דאס ניט נור עקזיסטירען אזא קליינע און שוואכע רעפובליק ווי די שווייץ און אזעלכע שוואכע און קליינע מלוכות, ווי בעלגיען, האלאנד, פארטוגאל, דענעמארק און ז. וו. זאנדערן אפילו אזעלכע „לענדער“, ווי לוקסעמבערג, וואס פערנעהמט 999 סקווער מייל און צעהלט ארום א פערטעל מיליאן נפשות, און מאנאקא, וואס פערנעהמט 8 סקווער מייל און צעהלט 15 טויזענד נפשות.

און ווען אירגענד וועלכע גרויסמאכט זאל היינט וואגען צו פערכאפען די טעריטאריע פון אירגענד וועלכע לאטיינישער רעפובליק, וועט עס ניט נור מאכען א שטערונג אין דעם „אייראפעאישען קאנצערט“, אבגעזעהען פון דער מאנראו דאקטרין און בכלל פון דער אויסלענדישער פאליטיק פון יונייטעד סטייטס, זאנדערן עס וועט אויך ארויסרופען פראטעסטען אין אלע ציוויליזירטע לענדער אין נאמען פון ציוויליזאציאן און בעזאנדערס פון נאציאנאליטעטס־פרינציפ.

די עקאנאמישע מאנראו דאקטרין.

אבער צו ענדע פון פאריגען יאהרהונדערט איז די גרויסע נארד־אמעריקאנישע רעפובליק ארויסגעטראטען אויף אלס גרויסע *עקאנאמישע מאכט אויף דעם וועלט־*

מאַרקעט. און דאָס האָט געפיהרט צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער מאָנראָו דאָקטרין, מען מעג זאָגען, צו אַ גאַנצער איבערקעהרענים אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון יונייטעד סטייטס. צוזאַמען מיט דער בעפעלקערונג זיינען אויך געוואַקסען די אינדוסטריען אין דער גרויסער נאָרד־אַמעריקאַנער רעפּובליק, און מען האָט אויך געמוזט זוכען נייע אויסלענדישע מאַרקעטס פאַר די פאַבריק־אַרטיקלען.

עס פערשטעהט זיך, אַז די נעכסטע אַזעלכע מאַרקעטס געפינען זיך טאַקע אויף דעם קאָנטינענט פון דער נייער וועלט. נור דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל האָט זיך אויף יעדען שריט צוזאַמענגעשטויסען מיט'ן אייראָפּעאישען. די מאַרקעטס פון זיד־אַמעריקאַ זיינען שוין לאַנג צוריק פערכאַפּט געוואָרען פון ענגלישע, פראַנצויזישע, דייטשע און בכלל אייראָפּעאישע קאַפּיטאַליסטען.

געגען די דאָזיגע עקאָנאָמישע פערכאַפּונגען פון אייראָפּעער האָט מען דאָך ניט געקענט אָנווענדען די אַלטע מאָנראָו דאָקטרין, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען געגען פּאָליטישע, גענויער גערעדט, געגען טעריטאָריעלע פערכאַפּונגען; און סתם ארויסטרעטען מיט אַן ערקלערונג, אַז אַלע קאָנצעסיעס, אַלע פעטע ביסענס אין די לאַטיינישע רעפּובליקען דאַרפען געגעבען ווערן נור צו אַמעריקאַנער ספּעקולאַנטען און קאָמערסאַנטען, קען מען דאָך ניט. נור מען גיט זיך דאָ ביסלעכווייז אַן עצה, און אַז מען זוכט, געפינט מען. די יעצטיגע אויסלענדישע פּאָליטיק פון יונייטעד סטייטס איז יעדענפאַלס אַ האַנדעלס־פּאָליטיק און איז ספּעציעל אָנגעווענדעט צו עראָבערן די מאַרקעטס פון דער לאַטיינישער אַמעריקאַ אונטער דער מאַסקע פון דער אַלטער מאָנראָו דאָקטרין און פון נייע האַנדעלס־אָפּמאַכונגען, ווי אויך פון זאָ־גענאַנטע „פּאַן־אַמעריקאַנישע" קאָנגרעסען, אויף וועלכע די פערטרעטער פון די יונייטעד סטייטס שפּיעלען נאַטירליך אַלע ערשטע אינסטרומענטען.

דער סכסוך מיט ענגלאַנד צוליעב ווענעצועלאַ.

די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אָנווענדונג פון דער אַלטער קליין־בירגערליכער מאָנראָו דאָקטרין האָט זיך צוערשט ארויסגעוויזען בולט אין דעם סכסוך מיט ענגלאַנד אין 1895 צוליעב די גרענעצען פון ווענעצועלאַ און פון דער ענגלישער קאָלאָניע אין גוויאַנאַ. עס האָט דאַן אויסגעזעהען, אַז אָט־אָט ברעכט גאָר אויס אַ מלחמה צווישען ענגלאַנד און יונייטעד סטייטס צוליעב עפּעס אַ שטיק ווילדע און ניט־בעוואָהנטע לאַנד ערגעץ לעבען עקוואַטאָר אין זיד־אַמעריקאַ. עס קען זיין, אַז ביז היינט צו טאָג וואָלטען זיך ענגלאַנד און ווענעצועלאַ גאָר ניט געקימערט וועגען די דאָזיגע טראָפּישע זומפּען, וועלדער און בערג, אויב מען וואָלט גראַדע ניט געפונען צו יענער צייט גאָלד דאָרטען. יעדענפאַלס האָט גענעראַל קרעספּאָ, דער דאַמאָלסדיגער דיקטאַטאָר פון ווענעצועלאַ, געפונען פאַר נויטיג זיך צו ווענדען צו דער הילפע פון יונייטעד סטייטס אויף דעם גרונד פון דער מאָנראָו דאָקטרין געגען די פאָדערונגען פון דער ענגלישער רעגיערונג, און די וואַשינגטאָנער רעגיערונג אונטער דער לייטונג פון פּרעזידענט קליוולענד האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דיעזער געלעגענהייט צו צייגען, אַז די דאָזיגע דאָקטרין איז ניט בלויז אַ שטיקעל פּאַפּיער, און פאַר איין גאַנג אויך „אָנצוטרעטען אויף דעם עק פון דעם בריטישען לייב", אום צו דערפרעהען די הערצער פון די אַמעריקאַנער דזשינגאָס און בעזאָנדערס פון די איירישע פּאַטריאָטען.

אין אַ מעסעדזש צום קאָנגרעס האָט פּרעזידענט קליוולענד, וועלכער איז אייגענטליך אַליין ניט געווען אַ דזשינגאָ און האָט אויך ניט געוואָלט אריינלאָזען זיך אין קאָלאָניאַלע אוואַנטיורען און כאַפּערייען, ווי די געשיכטע מיט דער „רעוואָלוציאָן" אויף די האַוואַי אינזלען צייגט עס, ערקלערט אויסדריקליך, אַז אויב די ענגלישע רעגיערונג וועט זיך ענטזאָגען איבערצוגעבען איהר גרענעץ־שטרייט מיט ווענעצועלאַ צו אַ שיעדס־געריכט, וועט עס די אַמעריקאַנער רעגיערונג בעטראַכטען פאַר אַ **Casus belli** (גרונד פאַר אַ מלחמה). אַזוי ווי די ענגלישע רעגיערונג האָט אין דער אמת'ן גאָר ניט פּרובירט זיך אָבצוזאָגען פון אַ שיעדס־געריכט אין דיזען פאַל, האָט זיך די דאָזיגע פאַנאַנדערגעבלאָזענע געשיכטע געענדיגט ניט נור גאַנץ פריעדליך, זאָנדערן אפילו אויך געמיטהליך.

אָנקעל סעם אַלס אָפּעקון איבער גאַנץ אַמעריקאַ.

נור דאָס וויכטיגסטע איז דערביי געווען וואָס מר. אָלני, קליוולענד'ס סעקרעטערי אָוו סטייט (מיניסטער פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, אויף דעם אייראָפּעאישען פּאָליטישען לשון), האָט גאָר ניט דיפּלאָמאַטיש ארויסגעלאָזען די קאַץ פון זאַק אין אַן עפענטליכער ערקלערונג, אַז „היינט איז יונייטעד סטייטס פּראַקטיש דער סאָווערען (אויבערהאַר) אויף דיזען קאָנטינענט (די גאַנצע נייע וועלט), און איהר (בעפעהל, פריקאַז) איז געזעץ פאַר אַלע סאָבדזשעקטס (אונטערטאַנען), וועלכע זי נעהמט אריין אונטער איהר שוץ."

אַזוי ווערט טאַקע היינט אַלץ מעהר פערטייטשט די מאָנראָו דאָקטרין, אַבוואָהל אַנדערע אַמעריקאַנער שטאַאַטס־מענער און דיפּלאָמאַטען געפינען פאַר נויטיג צו בעמערקען, אַז מר. אָלני איז שוין פערקראָכען צו ווייט און

האט יעדענפאלס געברויכט צו שארפע ווערטער. אבער אין דער גאנצער לאטיינישער־וועלט האט מען די דאזיגע ערקלערונג וועגען די סאווערי־ניטעט פון יונייטעד סטייטס איבער דעם גאנ־צען קאנטינענט פון דער נייער וועלט טאקע אנגענומען בוכשטעבליך. זייט דאן קוקט מען עס דארטען מיט בעזאנדערס פערדעכטיגע אויגען אויף יונייטעד סטייטס מיט דער מאנראו דאקטרין. אין גאנץ זיד־אמעריקא, בעזאנ־דערס אין ארגענטינא, בראזיליען און טשילי, וועלכע בילדען היינט א געוויסען „דריי־בונד" און שטעהען אויף דער וואך געגען אירגענד וועלכע פערכאפונגען פון פרעמדע, ספעציעל טאקע פון די יונייטעד סטייטס, האט מען זעהר שטארק פראטעסטירט געגען די דאזיגע אונ־געבעטענע אפעקונסטווע פון אנקעל סעם אין דער נייער וועלט.

דער אמעריקאנער אימפעריאליזם נאך דער מלחמה מיט שפאניען.

אבער באלד איז אונטערגעשפרונגען די מלחמה מיט שפאניען, וועלכע האט געמאכט פערגעסען אן דעם אויפגעבלאזענעם שטורם וועגען ווענעצועלא און מר. אלני'ס כאראקטע־ריסטישע פערטייטשונג פון דער מאנראו דאק־טרין. נאך דיזער מלחמה איז יונייטעד סטייטס געווארען, ווי יעדער איינער ווייס, א *קאלאניאלע מאכט* ניט נור אין דער נייער וועלט, זאנדערן אויך אין דער אלטער.

הינטער די גאסען, וועלכע האבען אין 1898 געשריען: „עס לעבע די פרייע קובא!"— „נידער מיט דער שפאנישער טיראניי!"—„רע־מעמבער די מעין!"—איז געשטאנען דער אל־מעכטיגער גרויס־קאפיטאל, וואס נויטיגט זיך אלץ מעהר אין קאלאניעס און אין אויסלענדישע מארקעטס בכלל. איך מיין דערמיט אויף קיין פאל ניט צו זאגען, אז די אמעריקאנער נאציאן האט ניט סימפאטיזירט מיט די קובאנער אין זייער בערצווייפעלטען קאמפף געגען די שפא־נישע הערשאפט, אבער מען דארף דוקא ניט זיין א מארקסיסט צו וויסען, אז אויך *אזעלכע סימפאטהיען ווערען ארויסגערופען און אויפגעמונטערט דורך בעשטימטע עקאנאמישע אורזאכען.*

דיזע עקאנאמישע אורזאכען ציינגען זיך ארויס זייט דאן גאנץ דייטליכער אין דעם זא־גענאנטען *אימפעריאליזם* (אגב, אפילו מר. ברייען האט פערגעסען אן דעם אנטי־אימפעריאליזם ווי נור ער איז געווארען סעקרעטערי אוו סטייט...); אין דעם וואס מר. רוזוועלט „האט גענומען" דעם פאנאמא־קאנאל ביי קאלאמביא, ווי ער האט זיך אליין גאר ניט דיפלאמאטיש אויסגעדריקט; אין דעם וואס דיזער קאנאל ווערט פערזארגט מיט גרויסע פעסטונגען, ווען מען וואלט געקענט פיעל בעסער פערזיכערען דיזען וואסער־וועג דורך אן *אינטערנאציאנאלען אבמאך*, ווי מען האט עס געטהאן מיט'ן סועץ־קאנאל; ווי אויך אין דעם, וואס די מעקסיקאנער „רעוואלוציאן" ציהט זיך שוין דאס פערטע יאהר, ווערענד זי וואלט זיך גאנץ שנעל און לייכט געענדיגט, ווען די רעגיערונג פון די יונייטעד סייטס וואלט טאקע געקוקט אויף מעקסיקא, ווי אויף א ווירקליך אונאב־הענגיגע מדינה, און וואלט ניט גענומען אויף זיך די ראלע פון אן *אפעקון* אין נאמען פון דער גרויס־קאפיטאליסטישער מאנראו דאקטרין.

ליעדער

זעלדע קניזשניק

זיין קראנקהייט האט קיינער בעדויערט,
ס'האט קיינער געקלאגט אויף זיין טויט;
שטיל איז זיין לעבען פערגאנגען,
אזוי ווי א שאטען פערגעהט.

עס האט זיין יציאת־נשמה
געזעהן נור די שווארץ־בייזע נאכט;
אליין נור דער ווינד האט געיאמערט,
ווען ס'האט זיך זיין קבר פערמאכט.

2.

מיין לעצטע ליכט האט אויסגעברענט
און שווארץ איז ביי מיין עמוד!
איך קען קיין איינציג תפלה מעהר
מתפלל זיין ווי תמיד.

עס גלאצט אין פינסטער מיר די נאכט,
א גראהע און א קאלטע;
מיט מתים־שאטענס שרעקליכע
ווערט פול מיין שוהל די אלטע.

אין אימת מות זוך איך אלץ
א שיין, א פונק אוואו;
איך זוך און רוק זיך פויזענדיג
צום טהיר אלץ נעהנטער צו...

3.

מארגען! מארגען! — נארט די האפנונג —
וועט שוין ליכטיג זיין;
בלויז דער היינט איז שלעכט און דונקעל,
אהן א ברעקעל שיין.

ציהען זיך אזוי די מארגענס,
ווי א לאנגע קייט,
ביז דער לעצטער שווערער מארגען
טרעפט זיך מיט'ן טויט.

מ. פאוולאָוויטש

די געלע פּרעסע און די אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים

1. זשורנאַליסטען, וואָס זיינען ווערטה טויט־שטראָף.

דער פראַנצויזישער דעפּוטאַט מאָרים אזשאָם, א מיטגליעד פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, וואָס דאָס מיינט, א מענש, וואָס איז כלל און כלל ניט רעוואָלוציאָנער געשטימט, וועלכער איז אָבער דאָך אָן אָנהענגער פון א דייטש־פראַנצויזישען פריינדשאַפטליכען אָבמאַך, האָט געשריעבען אין דער קאָנסערוואַטיווער צייטונג „לא פראַנס“ פאָלגענדעס: אין זיין רייזע איבער דייטשלאַנד האָט ער אָנגעטראָפען אהן א שיעור קאַמערסאַנטען און פאַבריקאַנטען, וואָס וואָלטען זעהר געוואָלט, אז פראַנקרייך און דייטשלאַנד זאָלען פערגעסען זייער היסטאָרישע שנאה; זיי זיינען אַלע שטאָל און אייזען פאַר א דייטש־פראַנצויזישער דערנעהענטערונג. און אין אַלגעמיין, האָט ער געמאַכט א בעהויפּטונג, איז יעדער איינער אין דייטשלאַנד, וועלכער האָט נור א שייכות צו קאָמערץ, אָן איבערצייגטער אָנהענגער פון אַן אַלאייראָפּעאישען שלום. איינער אַזאַ רודף־שלום'ניק האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

„ווען מען גיט מיר די מאַכט פון א דיקטאַטאָר בלויז אויף 24 שטונדען, וואָלט איך תיכף ומיד געלאָזט אויפהענגען א 20 דייטשע און א 20 פראַנצויזישע זשורנאַליסטען און צו זיי נאָך א פּאָאר וויכטיגע דיפּלאָמאַטען פון ביידע לענדער, און דער אינטערנאַציאָנאַלער פריעדען וואָלט געווען גאַראַנטירט אויף 50 יאָהר“.

פערשטעהט זיך, אז דאָס איז ניט מעהר ווי א פראַזע. אָבער אין איהר איז דאָ א קאַפּעלע אמת. מיר איז נור א חידוש, וואָרום וואָלט זיך בענוגענט דער „דיקטאַטאָר“ מיט אזוי ווייניג תליה־קאַנדידאַטען. ווען שוין יאָ אויסראָטען די פּעדער־באַנדיטען, די שאַרלאַטאַנעס פון דער פּרעסע, איז 40 זעהר א קליינע צאָהל. און וואָס עפּעס גראַד פראַנצויזישע און דייטשע זשורנאַליסטען? איך וואָלט איהם אָנגעוויזען אויף א הונדערט שטיק רוסישע זשורנאַליסטען, און צווישען זיי די סאַמע סמעטענע פון רוסישען ליבעראַליזם, וועלכע האָבען אזוי געגאַרט נאָך א קאָנפליקט צווישען רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, דאָס זיי האָבען שיער ניט פּראָוואָצירט איהם. און וואו זיינען די עסטרייך־אונגאַרישע מאַרק־שרייער, וועלכע פיהרען איצט אָן אן אונזיניגען שאָוויניסטישען קאַמפּיין? און צעהנדליגע און צעהנדליגע אַמעריקאַנישע, ענגלישע, איטאַליענישע און ז. וו. גאַנץ אָנגעזעהנע פּובליציסטען? און איצט זיינען נאָך צוגעקומען שרייער פון בולגאַריען, סערביען, גריכענלאַנד, רומעניען, טערקיי, וואָס האָבען זיך גאָר ניט צו שעמען פאַר זייערע עלטערע קאָלעגען. אָה, ניט 40 וואָלט איך פאָרגעבראַכט פאַר אונזער דיקטאַטאָר, נור לכל הפּחות א גאַנצען טויזענד, וועלכע האַלטען אין איין העצען די פעלקער איינס געגען דאָס אַנדערע לטובת די מעטאַלורגיסטען, די קאַנאָנען־קעניגע...

און ווי עס ווילט זיך מיר ניט ארויסגעבען מיינע קאָלעגען, מוז איך ווערען א מסור. איך וועל אָנרופען דעם נאָמען פון אן ענגלישען שרייבער ר אָ ב ע ר ט ט ה אָ מ פּ ס אָ ן, דער ספּעציעלער קריעגס־קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טיימז“. זייענדיג א קאָרעספּאָנדענט איז ער גלייכצייטיג געווען אן אַגענט פון דער פירמע ארמסטראָנג. דורך איהם האָבען יאַפּאַן און כינאַ פאַר די יאָהרען 1892־1898 געמאַכט א רייה בעשטעלונגען ביי דער פירמע אויף קריעגס־שיפען. אין 1904 האָט ער זיך מיט דער פירמע צוקריגט און האָט איהר פערקלאָגט פאַר ניט דערצאָהלען איהם קאָמיסיאָנס־געלדער. אָט האָבען מיר עס. דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון דער „טיימז“, דער איינפלוסרייכסטער בורזשואַזער צייטונג אויף דער וועלט, דיענט צו גלייכער צייט אלס געהיימער אַגענט, אלס אַמבאַסאַדאָר, אזוי צו זאָגען, ביי דער פירמע ארמסטראָנג. זיין עובדה איז צו שאַפען וואָס מעהר בעשטעלונגען און, פערשטעהט זיך, זיינע קאָרעספּאָנדענצען פון קריעגס־פעלד האָט ער שוין אזוי געפאַרבט, אז קיין טובה פאַר'ן פריעדען איז דערפון ניט ארויסגעקומען. און איך קען נאָך אָנרופען ביי די נעמען 8 ענגלישע זשורנאַליסטען, וועלכע צעהלען זיך נאָך עד היום צווישען די הויפּט־אקציאָנערען פון דער פירמע „ארמסטראָנג־וויהיטוואָרט“.

געהען מיר אריבער צו פראַנקרייך, זעהן

מיר דעם בעקאַנטען טאַרדיע, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם פּאַריזער „טאַן“, די איינפלוסרייכסטע צייטונג אין אייראָפּאַ, נאָך דער ענגלישער „טיימז“. דער קעניג פון פראַנצויזישען זשורנאַליזם איז איינער פון די גרינדער און הויפּט־אַקציאָנערען פון דעם בעוואוסטען פראַנצויזישען סינדיקאַט „האָקאָ־סאַנגאָ“, וואָס האָט געפיהרט פערדעכטיגע געשעפטען מיט דער דייטשער „זיד־קאַמערון געזעלשאַפט“. ביידע צוזאַמען האָבען זיי געאַרבייט, ווי זשאָרעס האָט בעוויזען אין פראַנצויזישען דעפּוטאַטען־קאַמער דעם 15 מערץ, 1912, ארויסצורופען א שאַרפען קאָנפליקט צווישען דייטשלאַנד און פראַנקרייך. עס האָט דעמאָלט געקענט קומען צו א מלחמה, און א חוץ דעם איז דער דאָזיגער טאַרידע זעהר בעשעפטיגט אין פיעלע אנדערע אונטערנעהמונגען. ער איז דער אויפטהוער פון דער „האָמס־באַגדאַדער אייזענבאַהן“ און א פערוואַלטונס מיטגליעד פון פיעלע מעטאַלורגישע און מיליטערישע פאַבריקען. צוזאַמען מיט זיינע מיטרעדאַקטערע און זיין צייטונגס־דירעקטאָר אדריען עבראַר, פלעגט ער בעקומען כאַבאַר אפילו פאַר אַרטיקלען, וואָס האָבען אין פלוג קיין שייכות ניט געהאַט מיט דער פראַנצויזישער אויסערליכער פּאָליטיק. ווי דער זשורנאַל „לע קוריער אייראָפּעען“ האָט אין יוני, 1911, פעסטגעשטעלט, האָט טאַרדיע פאַר דריי אַרטיקלען לטובת דער אונאַבהענגיגקייט פון מאַקעדאָניען בעקומען פון דער בולגאַרישער רעגיערונג 4 טויזענד פראַנק; פאַר אַן אַרטיקעל, וואָס האָט אויסגעפיהרט, אַז דער יונג־טערקישער קאָמיטעט „איינינגקייט און פּראַגרעס“ איז א באַנדע פון מערדער — 20 טויזענד פראַנק; פאַר אַן אַרטיקעל, וואָס האָט אויסגעדריקט צופריעדענהייט מיט דעם, וואָס קריט איז אריבער צו גריכענלאַנד — 10 טויזענד פראַנק; פאַר א רייה אַרטיקלען אין משך פון א וואָך וועגען דעם גלענצענדען פינאַנציעלען צושטאַנד פון בולגאַריען, אום פאָרצובערייטען אַן אַנלייהע אויף דער פּאַריזער בערזע פאַר בולגאַריען — 15 טויזענד פראַנק א. ז. וו., א. ז. וו.

מילא, אז ער האָט בעקומען געצאָהלט פאַר אַזאַ איידעלען ענין, ווי די אונאַבהענגיגקייט פון מאַקעדאָניען, למשל, האָט ער בלויז אויסגעביטען זיין גאָלדענע האַרץ אויף מזומנים, אָבער מיליאָנען פראַנק האָט דער דאָזיגער טאַרדיע געמאַכט אויף פונאַנדערבלאָזען דעם דייטש־פראַנצויזישען סכסוך. א נייער סכסוך מיינט א נייע אַסיגנירונג אויף דער אַרמיי און פלאָטע, נייע בעשטעלונגען ביי די פראַנצויזישע שיף־ און קאַנאָנען־פאַבריקען, און גאָלד פליסט צו טאַרדיע אין קעשענע אריין...

און ווי פיעל אַזעלכע טאַרדיעס, פערקויפטע נשמות, געפינען זיך אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליען, רוסלאַנד און אין דער געבענשטער אַמעריקאַ?...

---

2. די איבערטרייבונגען פון דער געלער פּרעסע וועגען דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף צווישען דייטשלאַנד און ענגלאַנד. די אמת'ע לאַגע.

קאַרל מאַרקס האָט שוין אין 1864 געראַטען דעם פּראָלעטאַריאַט זיך צו פערנעהמען מיט אויסערליכער פּאָליטיק. אין דעם גרינדונגס־אַדרעס פון אינטערנאַציאָנאַל זאָגט ער: „דער אַרבייטער קלאַס דאַרף זעהן צו דערגעהן די סודות פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מלוכה־קונסט, ער דאַרף גוט נאָכפאָלגען די דיפּלאָמאַטישע אינטריגען פון די רעגיערונגען און ווען נויטיג, זיי בעקעמפּפען מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס שטעהט איהם צו געבאָט“. ליידער, האָבען די שרייבער, וואָס פּרעטענדירען צו ריידען אין נאָמען פון פּראָלעטאַריאַט, נאָך עד היום ניט בעוויזען קיין פערשטענדנים פאַר די קונצען פון דער דיפּלאָמאַטיע און אין די וויכטיגסטע פראַגען פערלאָזען זיי זיך אויף די בורזשואַזע געלעהרטע און נעהמען אָן אויפ'ן וואָרט די בעהויפּטונגען פון די געדונגענע שרייבערס, וועלכע בלאָזען פונאַנדער א געוועהנליכען עקאָנאָמישען סכסוך ביז צום גראַד פון א מלחמה־געפאַהר.

אזוי, צ. ב. ש., האָט די סאָציאַליסטישע און בעזונדערס די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע פּרעסע פאַר יאָהרען און יאָהרען נאָכגעפּלאַפּלט די בורזשואַזע בלעטער וועגען דער אונפערמיידליכער מלחמה אויפ'ן ים און דער יבשה צווישען דייטשלאַנד און ענגלאַנד, א מלחמה, וואָס וואָלט אָנגעצונדען א פלאַקער אין גאַנץ אייראָפּאַ, וואָלט געשטעלט דעם דריי־בונד (דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליען) געגען דעם דריי־אָבמאַך (ענגלאַנד, רוסלאַנד, פראַנקרייך) און וואָלט אריינגעצויגען א רייה קלענערע מלוכות, ווי בעלגיען, האָלאַנד, שוועדען א. ז. וו.

דער שרייבער פון דיזע ציילען האָט קיינמאָל ניט געלעגט קיין גרויס געוויכט אויף דיזע אַלע רייד. עס איז קיין פראַגע ניט, אז צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד איז דאָ אַן עקאָנאָמישער קאָנפליקט, און אנדערש קאָן גאָר ניט זיין ביי די בעדינגונגען פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. ענגלאַנד מוז זיך צונויפטרעפען מיט דייטשלאַנד אין אַלע וועלט טיילען. אָבער ענגלאַנד האָט געפעהרליכערע קאָנקורענטען ווי דייטשלאַנד: פון פּערסיען ווערט ענגלאַנד ארויסגעשטויסען דורך רוסלאַנד; אויף די מערק פון באַלקאַנישען האַלב־אינזעל און קליין אַזיען קאָנקורירען מיט

ענגלאַנד עסטרייך און אפילו איטאַליען נאָך ערפאָלגרייכער ווי דייטשלאַנד; אין סאַוט־אַמעריקאַ וועט מיט דער ערעפענונג פון פּאַנאַמאַ קאַנאַל ענגלאַנד פערדרענגט ווערען פון די פעראייניגטע שטאַאטען און אויפ׳ן ווייטען מזרח קריגט אַלץ מעהר עקאָנאָמישע מאַכט ענגלאַנד׳ס בוזים־פריינד — יאַפּאַן*). עס איז קלאָר, אַז א מיליטערישע און עקאָנאָמישע צופלינדערונג פון דייטשלאַנד וואָלט דעם אינדוסטריעלען ענגלאַנד גאָר נישט געגעבען. וואָלטען אויפגעשטאַנען אַנדערע קאָנקורענטען, וואָס וואָלטען אויסגענוצט דעם קאָנפליקט צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד פאַר זייער אייגענער טובה. און מען דאַרף אויך ניט פערגעסען, אַז ענגלאַנד ווערט ביסלעכווייז א לאַנד, וואָס עקספּאָרטירט ניט סחורות, נור קאַפּיטאַלען, אַזוי דאָס דייטשלאַנד קאָן גאָר ניט זיין ענגלאַנד׳ס הויפּט־קאָנקורענט. און א חוץ אַלעמען זיינען אַלע קלאָג־געשרייען, אַז ענגלאַנד׳ס אינדוסטריע געהט צוריק צוליעב דער דייטשער קאָנקורענץ, שטאַרק איבערטריעבען.

די העצע־מאַכערס האָבען געפעלשט, זיי האָבען געברויכט א שאַרלאַטאַנסקען סטאַטיסטישען מעטאָד, זיי האָבען פערגליכען זאַכען, וואָס קאָנען ניט פערגליכען ווערען: דעם וואוקס פון דער אַלטער איינגעפונדעוועטער אינדוסטריע פון ענגלאַנד מיט דעם וואוקס פון דער יונגער דייטשער אינדוסטריע, וואָס האַלט זיך ערשט אין ענטוויקלען. במילא איז אויסגעקומען, אַז די דייטשע אינדוסטריע וואַקסט בליץ־שנעל און די ענגלישע שטעהט אויף איין אָרט. נאַטירליך, פון אַזא פערגלייך טאָר מען, בשום אופן, ניט דרינגען, אַז שפּעטער וועט אויך אַזוי זיין. אָבער די אונוויסענדע זיינען פערבלענדעט געוואָרען, און אויפ׳ן חשבון פון דער פערבלענדונג האָבען די טרעוואָגע־קלאַפּער געשראָקען די ענגלישע בורזשואַזיע און איהר איינגערעדט, אַז אום צו רעטען די ענגלישע אינדוסטריע מוז די ענגלישע פלאָטע די מינוט בעפאַלען האַמבורג און ברעמען...

אָנגעהויבען האָט זיך דערפון, וואָס דעם 15טען מאַי, 1903, איז טשעמבערלען ארויסגעטראָטען מיט זיין בעריהמטען „טאַריף פּראָגראַם“, און אין אָקטאָבער פון זעלבען יאָהר האָט ער אין גלאַזגאָ, אין דער שטאָדט פון אדאם סמיט, דעם טעאָרעטיקער פון פרייען האַנדעל, געהאַלטען א דרשה, אין וועלכער ער האָט פערשטאַרקט די אויספיהרונגען פון זיין טאַריף־פּראָגראַם און האָט נאָך געפאָדערט, אַז ענגלאַנד׳ס גרענעצען זאָלען פערשלאָסען ווערען פאַר אויסלענדישע סחורות, א ניט וועט די ענגלישע אינדוסטריע געהט צו גרונד. די רעדע האָט דאַן ארויסגערופען א געוואַלדיגען טומעל.

און טשעמבערלען איז בעגאַנגען א פּשוט׳ען שווינדעל. ער האָט געדאַרפט בעווייזען, אַז די ענגלישע אינדוסטריע געהט אונטער, האָט ער אָנגעהויבען זיין חשבון פון יאָהר 1872, און דאָס איז דאָך געווען דאָס יאָהר נאָך דעם קריעג צווישען דייטשלאַנד און פראַנקרייך, די צוויי גרויסע אינדוסטריעלע לענדער פון אייראָפּאַ. די אינדוסטריע פון אייראָפּאַ האָט געמוזט אָניאָגען דאָס פערלאָרענע און די פרייזען און די איינקינפטע זיינען שטאַרק געשטיעגען. נו, האָט טשעמבערלען גענומען פערגלייכען די שפּעטערע יאָהרען מיט דעם יאָהר 1872. — ער האָט געבראַכט די ציפערן פון אויסערליכען האַנדעל פאַר 1902 און האָט גאַנץ לייכט אויסגעפונען, אַז אַלע צווייגען פון דער אינדוסטריע שטאַרבען ביסלעכווייז אָב. באַלד וועלען זיי אין גאַנצען פערדאַרט ווערען.

טשעמבערלענ׳ס יוניאָניסטישע פּאַרטיי איז געשלאָגען געוואָרען סיי ביי די וואַהלען פון 1906 און סיי פון 1910. די וועהלער האָבען טשעמבערלענ׳ען ניט געגלויבט. דערפאַר אָבער זיינען זיינע ווערטער אויפגעכאַפּט געוואָרען אין פראַנקרייך: דער דייטשער קאַפּיטאַל געהט איינגעהמען ענגלאַנד! און צעהנדליגע דיקע ביכער, און הונדערטער בראָשורען, און טויזענדער אַרטיקלען זיינען געשריעבען געוואָרען, וואו אויף אַלערליי אופנים זיינען איבערגע׳חזר׳ט געוואָרען די רייד און די טענות פון טשעמבערלען און זיינע נאָכפאָלגער, די פּאַטריאָטען־פּובליציסטען — עדווין וויליאַמס (דער פערפאַסער פון דער סענסאַציאָנעלער בראָשורע „מייד אין דזשערמאַני“), קאַקס און אַנדערע. און די אָרימע פראַנצויזישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען, ווי דעלעזי, מערהיים, האָבען דאָס אַלעם אָנגענומען פאַר גוט געלד און מיט טרויעריגען פלייס גענומען איבערשרייבען די גאָרנישט בעווייזענדע טאַבעלען פון די בורזשואַזע געלעהרטע און האָבען נעבאָך געמאַטערט אומזיסט און אומנישט זייערע אונשולדיגע לעזער.

אַז טשעמבערלענ׳ס פינסטערע נבואה איז ניט מקוים געוואָרען, אַז ענגלאַנד׳ס אינדוסטריען שטאַרבען ניט אָב, בעווייזען די ציפערן פון עקספּאָרט, וואָס סער דזשאָהן סיימאַן ברענגט פאַר די יאָהרען 1902 און 1912:

*) סטאַטיסטישע ציפערן וועגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעלס־קאַמפּף אויף די מערק פון אזיען, מיטעל־אזיען, סאַוט־אַמעריקאַ א. ז. וו. וועט דער לעזער געפינען אין מיין בוך: „די גרויסע מאַכט־ און ים־וועגען פון דער צוקונפט“. פּעטערבורג, 1913.

דער עקספּאָרט	1902 מיליאָן פונט סטערלינג	1912 מיליאָן פונט סטערלינג
מעטאַל אינדוסטריע	28	48
וואָל אינדוסטריע	23	37
בוימוואָל אינדוסטריע.	72	122

דער עקספּאָרט האָט זיך גאָר נישקשה'דיג געהויבען. דער עקספּאָרט פון אַלע פאַבריקאַטען איז געשטיעגען פון 174 מיליאָן פונט אין 1902 ביז 297 מיליאָן אין 1912; פון ענגלאַנד מיט די קאָלאָניעס פון 283 מיליאָן אין 1902 ביז 454 מיליאָן פונט סטערלינג, אָדער 2270 מיליאָן דאָל. אין 1912.

זאָלען די יעניגע, וואָס האַלטען, אַז די דייטשע קאָנקורענץ מאַכט א תל פון דער ענגלישער אינדוסטריע, גוט זיך אַריינטראַכטען אין דיזע ציפערן!

---

3. די פראַנצויזישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע פּרעסע און דער ענגליש־דייטשער סכסוך.

מיט וואָס לאָזט זיך דאָס ערקלערען, וואָס פיעלע פובליציסטען פון רעוואָלוציאָנערען לאַגער — בעזונדערס צווישען די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען — האָבען גאָר אָהן שום קריטיק אויפגענומען די לעגענדע וועגען דעם „אונפערמיידליכען, מורא'דיגען קריעג צווישען דייטשלאַנד און ענגלאַנד“?

איך האָב שוין וועגען דעם געשריעבען אין רוסישען זשורנאַל „סאָוורעמעניק“ (יולי, 1911) און אין א פראַנצויזישער בראָשורע (דער ענגליש־דייטשער קאָנפליקט. דער אונוואַהרשיינליכער קריעג. פאַריז, 1912). די רעוואָלוציאָנערע פובליציסטען האָבען ניט אָבגעשעצט די ראָלע, וואָס די מיליטערישע פירמען קרופּ, ארמסטראָנג, קרעזא און אַנדערע שפּיעלען אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען. זיי בלאָזען דאָס פונאַנדער אַלערליי קלאַנגען וועגען אַן אונפערמיידליכען קריעג צווישען די גרויסע מלוכות און זיי העצען אליין פון הינטען ארום די רעגיערונגען, וואָרים פון דער מלחמה־געפאַהר, וואָס הענגט שטענדיג אין דער לופטען, ציהען זיי זייער חיונה. נעהמט דאָס ביכעל פון דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט דעלעזי: „די קומענדע מלחמה“ (אין הערווע'ס לא־גער סאָסיאַל“, און שפּעטער אין א בראָשורע, 1911), נעהמט די אַרטיקלען פון אַן אַנדער בעוואוסטען אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישען שרייבער, מערהיים, וועלכע האָבען זיך געדרוקט אין „דאָס אַרבייטער לעבען“ אונטער'ן קעפּעל: „עס געהט צו א מלחמה!“ און נעהמט אַלע סינדיקאַליסטישע שרייבעריען, וועט איהר זעהן, אַז וועגען אַלץ וועט דאָרט גערעדט: וועגען דעם אונפערמיידליכען קאַמפף צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד פאַר האַנדעלס אויבערהערשאַפט, פונקט ווי נור די צוויי קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואָלטען קאָנקורירט; וועגען דער באַגדאַד'ער אייזענבאַהן, וואָס די דייטשען בויען כלומרשט מיט דעם ספּעציעלען צוועק צו פערכאַפּען אינדיען; וועגען דער דייטשער און ענגלישער פלאָטע — א פערגלייך צווישען זיי; וועגען בעלגיען'ס נייטראַליטעט; וועגען פליסינגען; וועגען עדוואַרד'ס בעזוך אין פאַריז; וועגען אַלץ, וועגען אַלץ, אָבער קיין וואָרט וועגען דעם, אַז די מיליטערישע פירמען זיינען דירעקט פּעראינטערעסירט צו פערשפּרייטען אַלערליי אויפרעגענדע ידיעות, אַז די געלע פּרעסע שטעהט אין דיענסט פון די קאַנאָנען־קעניגע. די סינדיקאַליסטישע פּרעסע איז גאָר אין גאַנצען געווען אונטער דעם היפּנאָז פון דער בורזשואַזער פּרעסע, וואָס האָט געהאַלטען אין איין באָמבאַרדירען וועגען דעם קומענדען וועלט־קריעג. ערשט די איבערראַשענדע אויפדעקונגען פון ליעבקנעכט האָבען דעלעזי און מערהיים געבראַכט צום שכל, און זיי האָבען איינגעזעהן, אַז אין די אַלע בורזשואַזע געשרייען וועגען א געפאַהר איז 99 פּראָצענט ריינער בלאָף. מען רייצט, מען העצט אום צו שלאָגען קאַפּיטאַל. איצט קאָן עס אויך א בלינדער אָנטאַפּען מיט די פינגער. אין דעם איז די גרויסע בעדייטונג פון ליעבקנעכט'ס אויפדעקונגען. מערקווירדיג, עהנליכע אויפדעקונגען פון סאָציאַל־דעמאָקראַט שטיקלען אין דייטשען רייכסטאַג פאַר צוויי יאָהרען האָבען גאָר קיין רושם ניט געמאַכט.

פון דער אַנדער זייט מוז מען מודה זיין, אַז די סינדיקאַליסטען אליין זיינען אויך ניט געווען גאַנץ אונשולדיג. זיי זיינען ניט נור געווען די גענאַרטע, נור זיי האָבען אליין אויך גענאַרט. זיי האָבען געשטיצט קריעג־בלאָפס, ווי ווייט זיי האָבען געקענט. מען האָט געוואָלט צווינגען די סאָציאַליסטען און בעזונדערס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ארויסצוזאָגען זיך לטובת פון א גענעראַל־סטרייק, האָט מען געמאָלען א מורא'דיג בילד פון דער קומענדער קאַטאַסטראָפע, איינצושרעקען דעם לייכטגלויביגען עולם.

אמת, עס וואָלט געווען פיעל איינפאַכער און עהרליכער פון די הערוועאיסטען און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען, אָנשטאַט צו ברעכען זיך דעם מוח ווי צו ענטפערען אויף דעם צוקינפטיגען וועלט־קריעג, בעסער צו זוכען א מיטעל געגען דעם פאַקטישען בלוטיגען קריעג, וואָס פראַנקרייך פיהרט זייט פיעלע יאָהרען מיט מאַראָקאָ. פראַנקרייך האַלט אויס אין מאַראָקאָ אַן אַרמיי פון 76 טויזענד מאַן, אום צו אונטערדריקען די מאַראָקאַנער, וואָס קעמפ־

פּען פּאַר זייער אונאַבהענגיגקייט. די ריעזיגע מלחמה־הוצאות האָבען ארויסגערופען דעם איצטיגען פינאַנציעלען קריזיס אין לאַנד, ווי דאָס ווערט צוגעגעבען אָפּיציעל. דאָס האָט נויטיג געמאַכט אַן אינערע הלואה פון $1\frac{1}{2}$ ביליאָן פראַנק. טויזענדער סאָלדאַטען זיינען שוין אומגעקומען און עס זעהט זיך גאָר קיין סוף ניט צו די מענשליכע אָפּפער און צו די הוצאות. בלויז פאַר די לעצטע דריי יאָהר אליין (1911, 1912, 1913) האָט די מאראָקאָ־שפּיעל, לויט אָפּיציעלע בעריכטען, אָבגעקאָסט 400 מיליאָן פראַנק. און די קאָסטען פאַר 1914 זיינען אויסגערעכענט אויף 202 מיליאָן פראַנק.

און אויב די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען האָבען ערנסט געמיינט מיט דעם גענעראַל־סטרייק, אלס מיטעל געגען קריעג, האָבען זיי געדאַרפט דערמיט אָנהויבען ביי זיך אין דער היים. אָבער זיי האָבען געוואוסט, אז דער פראַנצויזישער אר־בייטער קלאַס, וואָס איז אין זיין מאַסע געגען דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם, וועט זיי ניט פאָל־גען. דערפאַר האָבען זיי אַנשטאַט צו וועהרען זיך געגען דעם פאַקטישען קריעג פון פראַנקרייך מיט מאראָקאָ, וואָס קאָסט דעם פראַנצויזישען פאָלק בלוט און געלד, גענומען אונטערוואַרעמען דעם בורזשואַזישען בלאָף וועגען דעם אונפער־מיידליכען, מורא'דיגען קריעג צווישען דעם דריי־בונד און דעם דריי־אָבמאַך. לייכטער און אנ־גענעהמער. פאַר איין וועגס קאָן מען א קלונג טהאָן מיט דער רעוואָלוציאָנערער פראַזע וועגען גענעראַל־סטרייק און א זידעל טהאָן די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע מיט אָבגעשטאַנענקייט, אָפּאָרטוניזם און שרעקעדיגקייט*).

4. דער רוסיש־עסטרייכישער סכסוך.

מיר האָבען געזעהן, ווי איינינגע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען האָבען אומישנע שטאַרק אי־בערטריבען די געפאַהר פון א דייטש־ענגלישער מלחמה. דאָס איז ביי זיי געווען א מיטעל צו צווינגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען צו נעהמען א שטעלונג צום גענעראַל־סטרייק. אָבער פיעלע סינדיקאַליסטען און אויך סאָציאַליסטען זיינען געווען גאַנץ עהרליך אין זייער שרעק פאַר א מעגליכער מלחמה צווישען ענגלאַנד און דייטש־לאַנד.

די סאָציאַליסטען דאַרפען איינמאָל פאַר אַלע מאָל געדענקען, אַז די בורזשואַזע אָרדנונג אָטהעמט מיט קריעג און געוואַלט, אז זי טראָגט אין זיך פערבאָרגען די קערנער פון אַלערליי מעגליכע קאָנפליקטען. פון דעסטוועגען דאַרף מען זיך פערהאַלטען מיט גרויס חשד צו די סענסאַציאָנעלע מיטטיילונגען פון די גאַזעטענע שרייב־קנעכט וועגען די אונפערמיידליכקייט פון א קריעג צווישען דער און יענער מלוכה. די בורזשואַזע פרעסע האַנדעלט ווי עס לוינט זיך איהרע בעלי בתים, אָדער די, וואָס האָבען איהר געדונגען. אמאָל בלאָזט זי פאַנאַנדער א קלאַנג, וואָס האָט קיין ממשות ניט, מאַכט פון אן אונ־וויכטיגען קאָנפליקט א מלחמה־געפאַהר און אמאָל פערטושט זי און פערשוויינט אַן אמת'ע געפאַהר, אַן ערנסטען קאָנפליקט, ווייל א געווי־סען טייל פינאַנסיסטען לוינט זיך מסתמא, אז דאָס פובליקום זאָל ניט דערשמעקען וועגען א מלחמה, וואָס דאַרף באַלד אויסברעכען.

און עס טרעפט, אז אויך עהרליכע געווי־סענהאַפטע בורזשואַזע געלעהרטע, אונטער דעם איינפלוס פון די ליגענהאַפטע צייטונגען, פאַלען אריין אין טעות: זאָגען פאָראויס א מלחמה דאָרט, וואו עס וועט קיינמאָל קיין מלחמה ניט זיין; און פערקעהרט, דאָרט, וואו זיי האָבען געזעהן א פריעדליכען צוזאַמענלעבען פון צוויי

*) דיזעלבע אונאויפריכטיגקייט מערקען מיר אין הערווע'ס איצטיגער אַגיטאַציע, וואָס האָט, אגב, קיין שום ערפאָלג ניט. עפּעס א בורזשואַזער רודף־שלום'ניק האָט ארויסגעזאָגט א געדאַנק, אז פראַנק־רייך מיט דייטשלאַנד זאָלען מאַכען א בייט: פראַנקרייך זאָל אָבגעבען דייטשלאַנד קאָנגאָ, טאָנקין, מאַדאַגאַסקאַר, און אַנשטאַט דעם בעקומען פון דייטשלאַנד עלזאַס־לאָטרינגען. דאַן וועט קומען א סוף צום אייראָפּעאישען אימפּעריאַליזם. און הערווע האָט תיכף אויפגעכאַפּט דיזע אוטאָפּיע. מיר שלאָגען איהם פאָר א לייכטערען וועג ווי צו שאַפען פריעדען אויף דער וועלט. זאָל ער נור פועל'ן, אז פראַנקרייך זאָל צורוה לאָזען מאָראָקאָ. זשאָרעס איז דאָך גע־ווען גערעכט, ווען ער האָט אין זיין מערקווירדיגער רעדע אין פּאַרלאַמענט און אין זיינע אַרטיקלען אין „ל'הומאַניטע" געמאַכט די בעהויפּטונג, אז גראַד פראַנקרייך'ס אָנפאַל אויף מאָראָקאָ האָט אוועקגע־שטעלט די פראַגע וועגען טערקיי'ס ירושה, האָט פאַ־נאַנדערגערויצט די אַפּעטיטען פון שפּאַניען, איטאַ־ליען, עסטרייך־אונגאַרן און פון די באַלקאַנישע לענדער. אָהן דעם אָנפאַל אויף מאראָקאָ וואָלט קיין טריפּאָלי־אַוואַנטור ניט געווען, קיין איטאַליע־ניש־טערקישער קריעג און פאָלגליך קיין באַלקאַני־שער קריעג.

איז ווי נור הערווע'ן וועט זיך איינגעבען צו איבערצייגען די פראַנצויזישע רעגיערונג, זי זאָל זיך אָבזאָגען פון מאראָקאָ, וועט פריעדען געשאַפען ווערען אויף דער וועלט. איטאַליען וועט זיך פער־שעמען און אָבגעבען צוריק טריפּאָלי; די רוסישע אַרמעע וועט אָבטרעטען פון פערסיען און מאָנגאָ־ליען; די רוסישע רעגיערונג וועט שענקען אויטאָ־נאָמיע פינלאַנד, אונאַבהענגיגקייט פוילען; סערבען, גריכען און רומענער וועלען אָבגעבען בולגאַריען די לענדער וואָס זיי האָבען פערכאַפּט און — ווער ווייס — אפשר וועט ווילהעלם דער צווייטער טאַקע אָנפאַנגען אונטערהאַנדלען מיט הערווע וועגען אָב־געבען צוריק עלזאַס־לאָטרינגען.

פעלקער ברעכט אויס א קאַמפּף מיט א בלוט־פערגיסען און רציחות, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזעהן.

אזוי איז, ווי בעוואוסט, געוועזן מיט'ן רוסיש־יאַפּאַנעזישען קריעג. די פראַנצויזישע אויטאָריטעטען אין פראַגען פון פּאָליטיק האָבען מיט עטליכע טעג פאַר דער מלחמה בעוויזען מיט כל הראיות, אז א מלחמה איז אונמעגליך. און מיט עטליכע שטונדען בעפאָר די יאַפּאַנעזישע פלאָטע איז בעפאַלען פּאָרט־אַרטור, האָט דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער, דעלקאַסע, געלאָזט אויפהענגען אין דער פראַנצויזישער בערזע א מעלדונג, אז קיין מלחמה וועט ניט זיין. אז יאַפּאַן זאָל האָבען איבערגעריסען די דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען מיט רוסלאַנד האָט מען געהאַלטען פאַר א פּוסטען קלאַנג.

און עפּטער איז פערקעהרט. מען טרומייטערט בעצייטענס וועגען א מלחמה און די מלחמה וויל ניט קומען. צוויי יאָהר כסדר האָט די אייראָפּעאישע פּרעסע געהאַלטען אין איין פערזיכערען, אז א צוזאַמענשטויס צווישען עסטרייך און רוסלאַנד איז אונפערמיידליך. דער שרייבער פון דיזע ציילען האָט ניט געהאַלטען דערפון. אין זיינע לעקציעס און אַרטיקלען אין סאַמע אָנהויב פון דער באַלקאַנישער מלחמה האָט ער פאָראויסגעזאָגט, אז דאָס וועט זיין איינע פון די ברוטאַלסטע מלחמות, אז נאָך דער מלחמה מיט טערקיי וועט העכסט וואַהרשיינליך אויסברעכען א צווייטע מלחמה צווישען די באַלקאַנישע מלוכות גופא, אָבער צו א מלחמה צווישען רוסלאַנד און עסטרייך וועט ניט קומען.

אמת, די אינטערעסען פון רוסישען און עסטרייכישען אימפּעריאַליזם אויף די באַלקאַנען זיינען ניט איינע און דיזעלבע, אָבער די קאָנפליקטען קענען לייכט אויסגעגליכען ווערען דורך א קאָמפּראָמיס אויפ'ן חשבון פון א דריטער, קלענערער מלוכה. אמאָל איז דאָס געוועזן סערביען. סערביען איז געוועזן די מטבע, די „טשענז", מיט וועלכער רוסלאַנד און עסטרייך פלעגען זיך אויסצאָהלען איינס דאָס אַנדערע די חשבונות. איצט איז די „טשענז" מאָנטאַנעגראָ און, הויפּטזעכליך, בולגאַריען. מאָנטאַנעגראָ און בולגאַריען וועלען טייער בעצאָהלען פאַר יעדע דערנעהענטערונג צווישען רוסלאַנד פון איין זייט און עסטרייך און רומעניען פון דער אַנדערער. און אַזוי לאַנג עס איז דאָ „טשענז" וועלען אַלע געפעהרליכע קאָנפליקטען זיך אויסלאָזען מיט גאָרנישט.

עס איז געוועזן נאָך א גרונד, פאַר וואָס א מלחמה צווישען עסטרייך און רוסלאַנד איז געוועזן אונמעגליך. אין אינדיען, אז מען וויל צוימען א ווילדען העלפאַנט, שטעלט מען איהם צווישען צוויי געצוימטע. א דאַנק דעם דריי־בונד און דעם דריי־אָבמאַך האָבען ביידע ווילדע העלפאַנטען — רוסלאַנד און עסטרייך — געהאַט צו צוויי געצוימטע. רוסלאַנד — פראַנקרייך און ענגלאַנד; עסטרייך — דייטשלאַנד און איטאַליען, וועלכע האָבען ניט דערלאָזען, אַז די ווילדע העלפאַנטען זאָלען בעפאַלען און צורייסען איינע די אַנדערע.

און די געצוימטע העלפאַנטען זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען און אונבעמערקט פאַר'ן פּובליקום, וואָס האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף א געשלעג, האָבען זיי זיך דורכגעוואונקען, ווי איינער זאָגט: „אונזערע ווילדע העלפאַנטען זיינען דאָך פּונקט אזוי פריעדליך ווי אונזער איינער, און זיי האָבען גאָר ניט אין זינען שלאָגען זיך. זיי זיינען ווי יענע העלדען, וואָס איידער זיי הויבען אָן א געשלעג, מאַכען זיי א גוואַלט: זעהט האַלט מיך אָב, וואָרום איך בין פאַר זיך ניט ערב!.... און דאָך, געבענשט זאָלען זיי זיין אונזערע מויל־העלדען. בעת זיי מאַכען דעם קונץ פאַר'ן פּובליקום, מאַכען מיר דערווייל א גוט געשעפטעל".

בעת עס האָט אויסגעזעהן, אז עסטרייך און רוסלאַנד זיינען גרייט יעדע מינוט צו בעפאַלען איינס דאָס אַנדערע, האָבען די קאַנאָנען־, וואַפען־ און שיף־פאַבריקאַנטען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער געאַרבייט אויף אַלע כלים און געשאַרט גאָלד מיט לאָפּעטעס.

די אַלע אויפרעגונגען פון די לעצטע יאָהרען, וואָס האָבען אזוי פיעל בלוט און געלד געקאָסט די פעלקער, האָבען נור געדיענט צו בעררייכערען דעם אינטערנאַציאָנאַלען סינדיקאַט פון מיליטערישע פאַבריקאַנטען, דעם פערבאַנד פון פראַנצויזישע, דייטשע, ענגלישע און רוסישע מעטאַלורגיסטען, פינאַנסיסטען, דיזען מעכטיגען קאַפּיטאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט צוערשט פאַנאַנדערגעבלאָזען דעם דייטש־ענגלישען קאָנפליקט, דערנאָך דעם רוסיש־עסטרייכישען קאָנפליקט און געשראָקען די פעלקער מיט דער געפאַהר פון אַל־אייראָפּעאישער מלחמה צוליעב דעם איינציגען צוועק — צו פועל'ן ביי די רעגיערונגען נייע אַסיגנירונגען אויף פלאָטע און ארמיי, כדי עס זאָלען שטייגען די אַקציעס פון די פּריוויליגירטע מיליטער־פירמען — קרופּ, שניידער, אַרמסטראָנג, קרעזאָ, וויקערס, פּוטילאָוו און אַנדערע.

שלום אש

דער וועג צו זיך:

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג)

.10

„טאַנצט, שעהנע מאַסקע, טאַנצט, טאַנצט...“

זי האָט געוואָלט היינט שעהן זיין. און ווי יעדעס מאָל ווי זי פלעגט זיך פיהלען נאָכ'ן אָבליגען אין בעט א גאַנצען טאָג, האָט זי זיך אויסגעפוצט אין איהר ווייס אַטלעסען קלייד, שוין דאָ געמאַכט, ענג און אויסגעגאָסען אויף איהר לייב, אז עס האָט ארויסגעוויזען יעדע בעוועגונג און יעדען ריהר פון א מוסקול. זי האָט געוואָלט היינט פאָרנעהם זיין, עסען מיטאג אין אן ערשט־קלאַסיגען רעסטאָראַן, וואו די ליכט ברענען זיך יום־טוב'דיג און די קעלנער טרעטען מיט שטילע טריט אויף די ווייכע, פערסישע דיוואַנען.

זי איז ארײַן אין צווייטען צימער און האָט שוין געטראָפען הערר אדלער'ן שמועסענדיג מיט'ן פאָטער איהרען.

ה' אדלער איז געווען א זוהן פון רייכע אידישע עלטערן. זיין מוטער — אן אלמנה — האָט ניט געוואָלט דעם שידוך: די כלה האָט צו וועניג נדן — דרייסיג טויזענד רובעל איינגאַנצען, נור זי האָט נאָכגעגעבען, ווייל איהר איינציגער זוהן, וועלכער איז תמיד געווען א שוואַכער, א פערוויינטער, האָט זיך איינגעליעבט אין דער מיידעל, און געוועהנט איז זי געווען איהם נאָכצוגעבען פון קליינערהייט אָן.

דער יונגערמאַן האָט זיך נאָך אַלץ גע'שדכנ'ט, די תנאים זיינען נאָך ניט געווען אָפיציעל. האָט מען דאָס יעצט אָבגערעדט מיט ר' חיים'ן, וואו מען זאָל די תנאים שרייבען.

ביי מערי'ס ארײַנקומען האָט מען דעם שמועס איבערגעהאַקט און דער יונגערמאַן איז רויט און פערווירט געבליבען. מערי האָט פערשטאַנען וועגען וואָס מען האָט גערעדט און זי האָט חשק געהאַט אויסצורופען צום חתן: „פון דעם וועט גאָרנישט זיין!“ (זי האָט ליעב געהאַט מיט איהם זיך צו שפּיעלען און צו רייצען, ווי מיט איהרס א הינטעל), נור זי האָט זיך איינגעהאַלטען, זי האָט געוואָלט היינט פערברייננגען דעם אבענד אין די רעסטאָראַנען — האָט זי נור געמאַכט א ברוגז'דיגע גרימאַסע, און אויף דעם יונגען מאַנ'ס געזיכט האָט זיך איבערגעצויגען א טרויער־וואָלקען.

די מוטער איז ארײַן פון צווייטען צימער מיט א גלעזעלע טהעע און געבעטען מערי'ן, אז זי זאָל עפּעס נעהמען אין מויל ארײַן: „דאָס קינד איז נאָך ניכטערן, רוף דעם קעלנער!“ אָבער מערי האָט זי אָבגעהאַלטען מיט דער האַנד.

הערר אדלער האָט געבראַכט בילעטען אין דער אפּערא — קארוזאָ זינגט — און איז געוועזן אין פראַק.

„ניין, אין טהעאַטער וויל זי נישט היינט פאָהרען, זי האָט קאָפּ־שמערצען. און דאָס וואָס ער איז אין פראַק, האָט ער גוט געטהאָן, ווייל זיי וועלען געהן היינט עסען אין „בריסטאָל“, און דערנאָך וועט מען זעהן. דערוויילע וויל זי זיך דורכפאָהרען מיט אן אויטאָמאָביל ביז עס וועט נאַכט ווערען“. — הערר אדלער האָט פערגניגט געשמייכעלט און געהאָלפען איהר ארויפוואַרפען איהר בראָקאַט רויטען מאַנטעל, אין וועלכען זי האָט זיך איינגעהילט, און האָט אין איהם אויסגעזעהן אזוי דין ווי א קינד.

דער אויטאָמאָביל איז געפאָהרען ארויף „אונטער דען לינדען“ צום בראַנדענבורגער טויער. אויפ'ן פראַנצויזישען פּלאַץ ארום די רייכע האָטעלען זיינען געשטאַנען א סך רייכע אויטאָמאָבילען, און א שטיק בעוואָלקענטער הימעל האָט זיך ארויסגעוויזען פון טויער.

עס האָט געמוזט זיין נאָך א רעגען — די שטיינער זיינען נאַס געווען און דער הימעל וואָלקענדיג, כאָטש די זונן האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען א מינוט פאַר איהר אונטערגאַנג. זיי זיינען ארויס פון בראַנדענבורגער טויער אין טהיער־גאַרטען אויף דער ברייטער אַלעע, וואָס פיהרט קיין שאַרלאָטענבורג צו ביסמאַרק שטראַסע. עס איז שוין געווען אין מאַי, און דער גאָרטען איז געשטאַנען אין גאַנצען אין גרינעם. די בוימער גרין און די ערד פערשלאָסען אין אַספּאַלט.

געפייניגט האָט דאָס אויג די גלייכהייט, די סימעטרישע ליניע פון די בוימער, ווי זיי וואָלטען דאָס געוואַקסען לויט קאָמאַנדע, ווי

די דייטשע שוץ־לייט האָבען זיי געהייסען. נור אַם מעהרסטען האָט געשטאָכען אין די אויגען די רויטע בלימלעך, וואָס זיינען געוואַקסען ביי די רעלסען פון די טראַמוואַיען. אָט די בלימלעך צווישען די אייזערנע שינעס אונטער די טראַמוואַיען, בעזייהט ביי ביידע זייטען וועג צווישען דעם אַספּאַלט, האָבען דאָס אויג געשטאָכען, און מען האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי מען וואָלט קליינע קינדער אונטער׳ן טראַמוואַי אַרונטערגעלעגט. אַזאַ רחמנות האָבען ערוועקט די אָרימע בלימלעך ביי די רעלסען פון די טראַמוואַיען. מערי האָט אַוועקגענומען איהרע אויגען פון זיי.

די „קאַרזאַ“ איז נישט געווען קיין אינטערעסאַנטע. מעהרסטענס האָבען זיך געיאָגט געשעפטס־אויטאָמאָבילען. און אַלע האָבען אויסגעזעהן ווי פון ווערטהיימער׳ן—ווערטהיימער לויפט איבער די בערלינער גאַסען. זי האָט געקוקט אויפ׳ן ברייטען הימעל, וואָס האָט זיך געעפענט פאַר זיי איבער די בוימער. דאָ זיינען שוין די בלויע וואָלקען גרעסער געווען, און די זונן האָט זיך געקוילערט צווישען זיי, ווי אַ ליכט־באַלאָן וואָלט געשוואומען אין וואַסער אין אַן עק האריזאָנט...

דער הימעל איז איבער דער גאַנצער וועלט אינטערעסאַנט. און קען מען נישט אויף דער ערד זעהען — קוקט מען אין הימעל אריין.

יעדער זונן־אונטערגאַנג איז גאָט׳ס אַ מייסטערווערק.

און מערי האָט זיך מיט גרויס ליעבע צוגעקוקט, ווי די וואָלקען און די נאַכט־פלעקען, וואָס האָבען זיך אויפ׳ן הימעל בעוויזען, שפּיעלען זיך מיט דער זונן, ציהען זייערע פליגעל אויס און שלינגען זי איין... און זי שניידט זיך אַ וועג דורך צווישען זיי, בעהעלט זיי נאָך דורך דעם טונקעלען לייב מיט איהר ליכטיגער שיין און קוילערט זיך אַזוי לאַנג ביז זי פאַלט אין אַ לאָך הימעל אריין, וואָס איז דאָרט, נאָך די בוימער.

דער אויטאָמאָביל יאָגט זיך. שוין איז ער אריבער די בוימער, דעם גאָרטען. ער מיידט הייזער, גאַסען, טראַמוואַיען און מענשען אויס. מערי שווייגט, זי רעדט איבערהויפּט ווינציג צום יונגען מאַן, וואָס זיצט נעבען איהר — וואָס געהט ער איהר אָן? און וואָס האָט זי מיט איהם? — און ער איז גליקליך, אז ער זיצט נעבען איהר, בעקוקט זיך זיינע נעגעל און אַ גליקליכער שמייכעל שיינט איבער זיינע געגאָלטע ליפּען. אפשר איז יאָ עפּעס בעהאַלטען הינטער דעם ווייס־געפּרעסטען העמד מיט די פּערל־קנעפּ. אפשר איז יאָ עפּעס דאָ הינטער די שטראַהלענדע קליינע אויגען. עפּעס ליגט דאָרט יאָ בעהאַלטען אַ סוד — נור עס אינטערעסירט זי נישט. טייל־מאָל וואָלט זי איהם געוואָלט פרעגען: ווער איז ער? וואָס איז זיין פערגאַנגענהייט? וואָס האָט ער געקלערט ביז יעצט? — נישט ווייל עס איז איהר אינטערעסאַנט, ווייל עס געהט איהר אָן זיין לעבען, נור גלאַט אַזוי, אויס טשיקאַוועס — נור זי פיהלט זיך צו איהם אַזוי פרעמד, אז זי קען איהם נישט פרעגען.

עס ווערט נאַכט, אַ קאַלטער ווינד בלאָזט. מערי וויקעלט זיך איין שטאַרקער אין איהר מאַנטעל. ער בעמערקט עס — אַלעס בעמערקט ער אין מערי׳ן. איהרע האָאר ציטערן ארויס פון איהר טהעאַטער־קעפּקע.

— זאָל מען צוריקפאָהרען?

— יאָ.

— וואו עסען?

— דאָרט אין דעם קליינעם סאַלאָן „אונטער דען לינדען“, ווי שטענדיג, יאָ, דאָרט איז געמיטהליך, שטיל, און די קעלנער געהען מיט שטילע טריט.

— אונטער דען לינדען! — בעפעהלט ער דעם שאָפער.

דער טהיער־גאַרטען איז שוין אין נאַכט געהילט. די לאָמפּען בלישטשען פון איהם ארויס ווי אויגען. פאַר׳ן בראַנדענבורגער טויער איז אַ גרויסער פערקעהר. עס ווייזט זיך דורכ׳ן טויער צוויי שערענגעס ברענענדע עלעקטרישע לאָמפּען. „אונטער דען לינדען“ טונקט זיך אין ליכט. מענשען שטעהען פאַר די גרויסע שוי־פענסטער. — דער אויטאָמאָביל האַלט פאַר אַ קליינעם איינגאַנג פון אַן אַלט־וויענער רעסטאָראַן.

די מוזיק אין אַ ווינקעל שפּיעלט אַ לייכטען וואַלצער. די לאָמפּען ברענען זיך ווי יום־טוב, די טישען — ווייס־געדעקט און די אַלטע, גרויע בכבוד׳ע קעלנער שטעהען אין די ווינקלעך.

זיי האָבען זיך אויסגעזוכט אַ בעהאַלטענעם טיש אין אַ נישע. אַן אַלטער גרויער קעלנער האָט זיך בעוויזען אַזוי לייכט און אַזוי שטיל ווי אַן ערשיינונג.

„אויסטערן?“ — ניין, זי האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערענט צו שלינגען דאָס „לעבעדיגע“ אונטער דער צונג. — קאַוויאַר. און נישט קיין שאַמפּאַניער — זי וויל נישט היינט אויפגערוימט זיין. אַ לייכטען פראַנצויזישען ווייסען ווייַן — נור זעהר, זעהר קאַלט.

די מוזיק שפּיעלט און זיי זיצען ביידע אין אַ ווינקעל אין אַ טיעפער קאַנאַפּע. די ליכט ברענען פאַר זיי יום־טוב׳דיג. געגענאיבער זיי זיצט אַ צווייטע פּאָאר — אַן עלטערער הערר, נור אַ געזונדער און אַ פרישער, זעהט זיך אויס אַן אַמעריקאַנער, מיט אַ יונג־יונג מיידעל. עס קען זיין זיין טאָכטער, און עס קען זיין אַ געליעבטע. און דאָס מיידעל קוקט דעם מאַן מיט ליעבע אין די אויגען, און דער הערר איז

אויפגערוימט און רעדט צו איהר מיט א שמייכעל און זעהר בעליעבט. זעהט זיך אויס, ער מוז איהר עפּעס דערצעהלען זעהר פרעהליכעס, איבער וועלכען דאָס מיידעל פרעהט זיך און ווייזט ארויס איהרע שעהנע, ווייסע, אַמעריקאַנער צייהן.

מערי האָט זיי ביידע מקנא געווען און האָט א מינוט געקלערט, אויב זי וואָלט געקענט ליעבען דעם אַלטען געגענאיבער. יאַ, — ענטפערט זי זיך. ער איז גענוג שעהן און שטאַרק. און זי וואַרפט א בליק אויף איהר חתן, — ווער איז ער? און וואָס טהוט זי איבערהויפּט נעבען איהם? גאָט, ער איז דאָך איהר אזוי פרעמד, אזוי פרעמד. און וואָס געהט זי מיט א פרעמדען יונגענמאַן, א לאַנגווייליגען, איבער רעסטאָראַנען ארום? — זי האָט אָבגעגעסען שטילשווייגענדיג, און דער יונגערמאַן האָט אויך מורא געהאַט א וואָרט אויסצורייידען. — „נור אפשר דאָך שאַמפּאַניער...“ און וואָס ווייטער? וואו אהין? אין דעם קליינעם באַר אויף „נאַלענדאָרפער“ איז נאָך צו פריה. — אין קינעמאַטאָגראַף „אונטער דען לינדען“ און דערנאָך אין „נאַלענדאָרפער באַר“. די שפּאַניער טאַנצען. און ווידער זיצט זי אין א ווינקעל, אין א רויט־לאַקירטען, טיעפען שטוהל. דאָס ליכט איז גערעמפּט, די מוזיק שפּיעלט שלעכט, שרייענד און דאָס שפּאַנישע פּאָר האַלטען זיך צונויפגעפּרעסטע איינס צום צווייטען און טאַנצען. דאָס ליכט דעמפּער, די מוזיק שטילער, אינטימער, און דאָס פּאָאר לאָזט זיך אָב. דאָס שפּאַנישע מיידעל בלייבט שטעהען אויף איין אָרט, דעם קאָפּ ארונטערגעוואָרפען מיט א שטאָלצען בליק, מיט אן אויפגעהויבענער האַנד ווייזט זי איהר פולע, שלאַנקע פיגור, איהר רייצענדען שעהנעם פוס. דער שפּאַניער הויך, ווייכשלאַנגענדיג זיך ווי א ווינד וואָס יאָגט אזוי, טאַנצט ארום איהר. זיין גאַנצע ליידענשאַפט זאָגט ער אויס אין די ריטהמען פון זיין בעוועגליכען קערפּער. ער בעט, און שמעקט ארום איהר ווי א הונד, בויגט זיך און טאַנצט. אמאָל ווערט זיין טאַנץ שטיל מיט געבעט און אויסגעצויגענער תאוה, — אמאָל מיט שטורם, ווי מיט געוואַלד וואָלט ער זי געוואָלט נעהמען. עס שלאָגט איהם אָב איהר שטרענגער, שטאָלצער בליק. און די מיידלעך ארום די טישען מיט די שוואַרצע, אונטערגעפּאַרבטע אויגען און ברעמען, מיט די רויט־בעפּאַרבטע ליפּען און אוננאַטירליך געפּוצטע נעגעל קלויבען זיך ארום דעם פּאָאר'ל. די אויגען בלישטשען און פון די קערפּערס יאָגט א וואַרימער אטהעם. ווייין און טאַנץ לויפען אין זאַאל ארום. עס ווערט איהר הייס און אונערטרעגליך. דאָס האַרץ קלאַפּט איהר. זי וויל אין גאַס ארויס — פרישע לופט! פרישע לופט!...

געקומען אויף דער גאַס ארויס. די נאַכט איז פריש, די לבנה בעווייזט זיך אומגעריכט אויף די דעכער. גאָט! אַזאַ זעלטענער גאַסט אויף דער גאַס, שוין באַלד געהאַט פערגעסען אז עס איז דאָ אַזאַ לבנה. וואָס ווייטער? וואו אהין? עס איז נאָך דאָ א רוסישער באַל, א סטודענטען־באָל — דער לעצטער פון הײַ־יעהריגען סעזאָן. זיי קענען אהין. — טאַנצען? — ניין. זי וויל נישט זעהען קיין מענשען. זי וויל אהיים.

אין אויטאָמאָביל נעהמט זי ארום א שרעק פאַר דער איינזאַמקייט פון איהר צימער. זי איז דאָך ערשט ארויס פון דאָרטען... גאָט! וואָס וועט דער סוף זיין? אזוי ווייטער, ווייטער, דאָס גאַנצע לעבען אזוי, דאָס גאַנצע לעבען — ווי טרויעריג און לאַנגווייליג!...

און זי הויבט אָן צו קלערען פּלוצלונג וועגען א תכלית און בעטראַכט פון א זייט,ביי דער שיין פון דער לבנה איהר „בעשערטען“. שטענדיג אזוי נעבען זיך דעם שטילען שאָטען (זיין פנים איז ביי דער לבנה־ליכט בלייך געוואָרען און מיעד), דאָס גאַנצע לעבען נעבען זיך — אין אויטאָמאָביל, אין סאַלאָן, אין שלאָפצימער — דעם שטילען שאָטען, ביז צום לעצטען אויגענבליק, ביז צו די אויגען צומאַכען... און — בעללער, מוזיק, טהעאַטער, סאַלאָנען, — גאָט, ווי לאַנגווייליג!... איז איהר טאַקע אין איהר לעבען שוין גאָרנישט מעהר בעשערט, נור דער „שטילער שאָטען?“ און וואָס האָט זי אין איהר לעבען אויסער דעם „שאָטען“, וועמען? און וועמען קען זי ליעבהאָבען?... אָה, מישאַ איז ווייט און מיט אן אנדערע, און קאָוואַלסקי, — יאָ, ער איז געווען אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט נור טיילמאָל. שעהן איז זיין פּנים געווען ווען ער האָט געמאָהלט. דאַן איז ער געווען אין א סוד... האָט ער זי מיטגענומען אין זיין סוד? ניין, ער קען קיינעם נישט מיטנעהמען אין זיין סוד. מישאַ איז שטענדיג אין אַזאַ סוד, ער מאָהלט שטענדיג. ער האָט אַזאַ פּנים, ווי ער וואָלט שטענדיג געווען אין אן אנדער וועלט, אין א שעהנערע, אין א אינטערעסאַנטערע... אָה, ווען ער וואָלט זי יעצט אין זיין וועלט מיטגענומען, געוויזען איהר דעם אייביגען הימעל, וואָס שיינט אין זיין אַנדערע וועלט, וואָס מאַכט גליקליך די מענשען, וועלכע קוקען אויף איהם... ניין, אין זיין וועלט וואָלט זי אפשר קיינמאָל נישט אריינגעגאַנגען. און אפשר וואָלט עס פאַר איהר גאָרנישט אינטערעסאַנט געווען... און ער איז ווייט יעצט, ווייט און מיט אן אַנדערע. און פאַר איהר איז גאָרנישט איבערגעבליבען, נור דער שטילער „שאָטען“ דאָ, וואָס זיצט נעבען איהר, וואָס ווייסט זיך ווי אָנצוטהאָן, ווי צו האַלטען זיך אין א פיינעם רעסטאָראַן און מאַכט נישט

קאַליע די שטימונג, קען שווייגען און ווייסט אַלע פּערגניגונגס־ערטער — און דאָס איז אַלעס, אַלעס, אַלעס... און אויף דעם האָט זי דאָס געוואָרט, געוואָרט מיט גליהענדע בענקשאַפט צייט זי איז רייף געוואָרען?... ניין! עס קען נישט זיין!... עס מוז נאָך עטוואָס אַנ־דערש זיין! אַן אַנדערע וועלט וואַרט נאָך אויף איהר. יאָ, דאָס הארץ זאָגט איהר... אַז נישט — איז נישט ווערטה דאָס לעבען!...

שלאָפען האָט זי יעצט נישט געוואָלט. דאָס בוך, וואָס זי לעזט יעצט אין דער היים, איז א פראַנצויזישער ראָמאַן. נור וואָס געהט איהר אָן וואָס קארמען — די העלדין — די העלדין פון ראָמאַן — טהוט יעצט? וואָס געהט איהר אָן פרעמדע לעבענס און פרעמדע ראָמאַנען?... יאָ, זי וויל פאָהרען אויף דעם רוסישען באַלל. עס איז נאָך נישט שפּעט, ניין. עס איז א מאַסקען־באַלל? פון וואַנען וועלען זיי מאַסקען נעהמען? עס איז שוין נאָך צוועלף. איבריגענס, וועט ער זעהן דאָרט ביי דער קאַסע צו קריגען מאַסקעס, ער האָט דאָרט בעקאַנטע. „האַלאָ! אומדרעהען, אומ־דרעהען, צום זאָאָלאָגישען גאָרטען, צום זאָאָ־לאָגישען, צום „רוסען־פעסט!"

* * *

זיי זיינען אריין אין א געשריי פון פאַר־בען און טענץ. עס איז שוין געווען אין מי־טען שפּיעל און דער עולם איז צוואוארעמט געוואָרען פון טאַנצען און פרייד. עס איז גע־ווען יוגענד, וואָס האָט דאָ געטאַנצט. אונ־רחמנות'דיג האָבען זיי אָבגעשטופּט פון זיך אַלעס, וואָס איז נור עלטער געווען און אָבגע־שטאַנען פון לעבען — זיצען געלאָזט אויף די בענק ארום די ווענד, און ווער, וואָס האָט נור געקענט אין קאָן אריינשטעלען יוגענד, לעבען און ליעבע — דער האָט געטאַנצט, געפרעהט זיך און געזונגען. אַלעס איז געווען פער־שטעלט, מיט טעם און אָהן טעם. — נור דאָ האָט מען נישט גענומען די מענשען בעזונדער, אין איינצעלנעם, נור אַלע אינאיינעם. שכור'ע גריכישע „געטער", פּאַאונען און באַקכוסען, פערקליידעט אין וויינטרויבען און אין בלעטער, האָבען געיאָגט די האַלב־נאַקעטע פעען צווישען דעם עולם ארום. רוסישע מיידלעך אָנגעטהאָן אין רוסישע קאָסטיומען, אויסגעמישט מיט צירק־קלאָונען, האָבען זיך געדרעהט אין טאַנץ. מערי האָט זיך אריינגעכאַפּט אין א ווינקעל, פערשטעלט דאָס פּנים אין א מאַסקע און האָט זיך צוגעקוקט צום שפּיעל, ווי די פּאַארלעך דרעהען זיך פאַר איהר. דער חתן איז אוועק ברענגען בעקאַנטע, און באַלד איז ער טאַקע אָנגעקומען מיט א כאַליאַסטרע יונגע לייט, אידישע רייכע בחורים, וואָס לערנען זיך אין אויסלאַנד, מיט גוטזיצענדע רעק און נאַ־רישע, געגלעטע געזיכטער. זיי האָבען געוואָלט

צו צו מערי'ן, נור מערי האָט אוועקגעקוקט אין א זייט, און דער חתן האָט פערשטאַנען איהר בליק, אַז זי וויל זיך נישט מיט קיינעם בעקענען, זי וויל זיין אַליין — האָט ער צוריק אוועקגערופען די יונגע לייט.

זי איז געזעסען ווי אויף א פרעמדע חתונה. זי האָט נישט פערשטאַנען צו וואָס און נאָך וואָס איז די פרייד. אָ, זי וואָלט אויך געוואָלט מיט אריין אין דעם טאַנץ, פערגעסען זיך און אָנטרינקען זיך מיט געזאַנג, פּאַויב, וויין און פרייד. איהר גאַנצע יוגענד האָט געלעכצט נאָך דעם גערויש. זי האָט געוואָלט מיטטאַנצען, נור עס איז גאָרנישט געווען אין איהר לעבען אַזעלכעס, וואָס זאָל זי מיטשלע־פּען אין דעם רויש, און פּלוצלונג — עס פער־בויגט זיך פאַר איהר א יונגערמאַן, מיט א ווייס־אָבגעקריידט געזיכט: „שעהנע מאַסקע, קום מיט מיר אין טאַנץ"! — זי וויל אָבזאָ־גען, נור דער יונגערמאַן מאַכט אזא בעטענדע מינע, קוקט אַזוי שאַרף מיט די אויגען און האַלט די הענד אויסגעשטרעקט: „שעהנע מאַסקע, זאָג נישט אָב!" — זי שמייכעלט און לאָזט זיך מיט איהם אין געדרעהע אריין. ער פיהרט זי לייכט ווי געשוועבט און קוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין: „שעהנע מאַסקע, ביזט אַזוי לייכט ווי א פעדעריל און דיינע פיס ריהרען נישט די פּאָדלאָגע אָן. שוועב, שוועב, שעהנע מאַסקע — עס איז א פערגניגען צו זעהען דיינע הענד און דיין לייכטען קערפּער". זי שמייכעלט און זי דרעהט זיך ווייטער און טאַנצט. — „שעהנע מאַסקע, מאַכסט ווילד און משוגע. טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ! וואָרום דו זינגסט מיט דיין טאַנץ"...

11.

אוים שידוך.

צו מאָרגענס האָט הערר אַדלער געקריגען פון מערי'ן פאָלגענדען, קורצען בריעף:

„בעסטער הערר!

„די פערלאָבונג צווישען אונז האָט צוזאַ־מענגעבראַכט נישט אונזער טיעפע סימפּאַטיע איינער צום צווייטען, נור אונזערע עלטערנ'ס אויסגערעכענטקייט און אינטערעסען. דורכדעם האַלט איך פאַר גלייך, ווען מיר זאָלען זיך אויפהערען צו בעטראַכטען פאַר חתן־כלה, כאָטש אייער אויפריכטיגע פריינדשאַפט און טיעפע איבערגעבענהייט צו מיר ערוועקען אין מיר אַנגענעהמע עראינערונגען. איך דאַנק אייך דערפאַר. זייט מוחל פאַר אויפריכ־טיגקייט.

די דאַנקבאַרע מערי.

אום צו פערמיידען יעדע אונאַנגענעהמ־ליכקייט, וואָס קען ארויסקומען ביי אונזער

ביידענס צוזאַמענטרעפען זיך פאַר אונז ביידע — פערלאָז איך נאָך היינט בערלין". מ.

הערר אדלער האָט געקריעגען דעם בריעף ביים אָנטהאָן זיך צו געהן צו מערי'ן.

דער יונגערמאַן איז בלייך געוואָרען, ערציטערט, ווי א ווינד וואָלט איהם דורכגעטרייסעלט. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, איז אריין צו זיך אין צימער, פערשלאָסען די טהיר נאָך זיך און געוואָרפען זיך אויף דער זאָפע.

די מוטער זיינע, וועלכע האָט שטענדיג אויפגעוואַכט אויף איהר שוואַכען בן־יחיד און בעהאַנדעלט איהם נאָך ווי א קינד, איז אריין צו איהם אין צימער און, דערזעהען ווי איהר קינד ליעגט א ליידענדער אויף דער זאָפע מיט א בלייך שוואַך געזיכט, האָט זי א גרויס רחמנות ארומגענומען אויף איהר בן־יחיד. זי איז געוועהנט געוועזן, אז איהר קינד זאָל קיינמאָל, קיינמאָל גאָרנישט פעהלען. זי האָט נישט געפרובט צו איהם צו רעדען, איהם צו פרעגען — האָט זיך נור געבויגען איבער זיין קאָפּ און אריינגענומען זיין געזיכט צו זיך, ווי מען נעהמט אריין א קינד, געקושט איהם, געוויינט און געשוויגען. זי האָט איהם נישט געפרעגט וואָס איז געשעהען — זי האָט אַלעס פערשטאַנען.

דער יונגערמאַן האָט ארויסגעקרעכצט פון דער מוטער'ס אָרעם ווי א קראַנק קינד: „מאַמע, אָהן איהר וועל איך נישט קענען לעבען. די מוטער האָט עס געוואוסט. זי האָט געקענט איהר בן־יחיד. דער פאָטער זיינער איז אויך געווען א שוואַכער און איז יונגערהייט געשטאָרבען איבערלאָזענדיג איהם אליין.

א יונגע אלמנה איז זי געווען, און שעהן, און רייך און האָט גאָרנישט נאָך פון איהר לעבען געהאַט. א וועלט האָט זיך געהאַט געשדכנ'ט צו איהר, נור זי האָט בעשטימט אוועקצוגעבען איהר לעבען פאַר איהר קינד — האָט זי פון אַלעס זיך אָבגעזאָגט און איהר לעבען אוועקגעגעבען איהר קינד. דעם יונגענמאַן האָט ערצויגען ליעבע. שטענדיג האָט איבער זיין נשמה געציטערט דאָס רחמנות'דיגע האַרץ פון א מוטער, און ער איז אויפגעצויגען געוואָרען א ציטערדיגער און פערוויינטער. די מוטער האָט געוואוסט, אז דאָס קינד איהרס, וועלכען מען האָט גאָרנישט אָבגעזאָגט אין זיין לעבען, אז דאָס קינד איהרס, וועלכעס איז א קינד געבליעבען און מיט קינדישע ליעבע זיך צוגעבונדען צו מערי'ן, וועט עס ניט איבערטראָגען. זי האָט שוין לאַנג בעמערקט, אז מערי איז אן אונגליק פאַר איהר קינד און זי האָט מערי'ן פיינד געהאַט — אייפערזיכטיג געווען פאַר איהר קינד'ס ליעבע, נור קיין אַנדער עצה זיך נישט געקענט געבען. יעצט האָט זי געזעהען, ווי דאָס לעבען פון איהר קינד ליעגט אין א האַנד פון א ווילד מיידעל און זי קען טהאָן דערמיט וואָס איהר ווילט זיך — מיט איהר גאַנץ לעבען, איהר האָפנונג, איהר פערגאַנגענהייט און איהר צוקונפט. און זי האָט בעשטימט ביי זיך אויף גאָרנישט צו קוקען, נישט אויף ערעלקייט, נישט אויף שעהנקייט, נישט וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט נישט, און צו ראַטעווען איהר קינד'ס לעבען. זי האָט נישט געקענט צוזעהען איהר קינד'ס ליידען. דער אינסטינקט פון א מוטער האָט זיך ערוועקט אין איהר. זי איז ארויס פון צימער, זיך פלינק אָנגעטהאָן און איז אוועק צו מערי'ס עלטערן.

מערי'ס עלטערן האָבען פון גאָרנישט געוואוסט און זיי האָבען זיך זעהר פערוואונדערט צו זעהען די שטאָלצע מחותנת'טע, וועלכע האָט זיי ביז יעצט ווי אויסגעמידען, ניט־וועלענדיג איהר קינד שטערען, ביי זיי אין שטוב אָן אויפגערעגטע, מיט פערוויינטע אויגען און בעטענדיג זיך: „וואָס האָט איהר געמאַכט אויס מיין קינד!" — ר' חיים האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און אריינגעקלאַפּט צו דער טאָכטער:

— מערי, קום אריין. די מחותנת'טע איז דאָ. זעה, ווער איז געקומען.

מערי האָט זיך אָבער נישט אָבגערופען. נאָך א לאַנגע צייט, ווי זי האָט געלאָזט אויף זיך וואַרטען און איז נישט ארויסגעקומען, האָט עס שוין מאַדאַם אדלער ניט אויסגעהאַלטען און זיך אריינגעריסען צו איהר אין צימער אריין. זי האָט געטראָפען מערי'ן איינפּאַקען זיך. מערי האָט זי אָנגעקוקט פערפרעמדט און צוערשט זי נישט דערקענט. זי איז געוועהנט געווען צו זעהען די מחותנת'טע שטענדיג אין גרעסטען עלעגאַנץ, ווי יענע קוקט אויף איהר עטוואָס פון דער הויך, גלייך עס וואָלט איהר נישט געפּאַסט דער שידוך, און דאָ האָט זי פאַר זיך א צובראָכענע פרוי, איינפאַך אָנגעטהאָן, מיט פערוויינטע אויגען. מערי האָט זיך אוועקגעזעצט, ווי וואַרטענדיג, און פאַרגעסען צו בעטען די מחותנת'טע זיצען.

מאַדאַם אדלער האָט געשוויגען, נור א שטראָם טרעהרען האָט געגאָסען פון איהרע אויגען און געקוקט האָט זי אויף איהר מיט גרויס בקשה: „מאַך מיר נישט אומגליקליך מיין קינד!" אָבער דאָס האָט זי מיט די אויגען געזאָגט, נישט מיט'ן מויל. ווען דאָס שווייגען האָט לאַנג אָנגעהאַלטען און מערי האָט שוין עטליכע מאָל א קרומע גרימאַסע געמאַכט איבער דער אונאַנגענעהמער סצענע און ענדליך זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט און געוואָלט ארויס פון צימער, האָט זי מאַדאַם אדלער אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד, געשוויגען און געקוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין.

מערי האָט זיך געלאָזט האַלטען ביי דער האַנד, און מאַדאַם אדלער האָט אויסגעשטאַ־

מעלט די אָרימע ווערטער: „מאַך מיר נישט אומגליקליך מיין קינד“, אויף וועלכע מערי האָט פּער'עקשנ'ט געשוויגען.

אַז מאַדאַם אַדלער האָט זיך בערוהיגט, האָט זי געזאָגט אין שטילען טאָן:

— איך ווייס אַז אַ פרוי'ס האַרץ קען מען נישט צווינגען, אָבער איהר האָט מיין קינד געצוואונגען צו זיך. ער וועט עס נישט איבערטראָגען.

דערויף האָט מערי אויף שטיל און שווער געענטפערט:

— עס טהוט מיר לייד, אָבער אַלעס וואָס איך האָב געהאַט צו געבען אייער זוהן, האָב איך איהם געגעבען. מעהר קען איך נישט.

ביי מאַדאַם אַדלער האָט געציטערט דאָס גאַנצע געזיכט, אין איהרע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ שטאָלצער גלאַנץ פון איהר ווייבליכעס, וועלכעס זי האָט אויך אַמאָל געהאַט, נור ענטזאָגט זיך פאַר איהר קינד'ס ליעבע. איהר געזיכט איז רויט געוואָרען, יונג און שעהן. זי האָט אָבגעלאָזט מערי'ס האַנד און געוואָלט אוועקגעהן אָהן ווערטער, אָבער זי האָט זיך דערמאָהנט אַן איהר קינד, ווי ער ליעגט אַ פערשמאַכטער אין דערהיים און ער וועט אויסגעהן. איהר גאַנץ פערשפּיעלטעס לעבען האָט זי פאַר זיך געזעהען, און נישט קלערענדיג וואָס זי טהוט, נור ווי איינער וואָס טרינקט זיך און וויל זיך ראַטעווען, האָט זי געכאַפּט מערי'ס האַנד, בעדעקט זי מיט קושען און מיט טרעהרען און אָנגעהויבען צו בעטען זיך ווי אַ הונגעריגער וואָס בעט ברויט:

— האָט רחמנות, האָט רחמנות... מיין גאַנץ לעבען האָב איך אוועקגעגעבען מיין קינד. איך האָב קיין הנאה נישט געהאַט פון מיין לעבען, נאָך גאָר נישט געלעבט און איהם אַלעס אוועקגעשאָנקען... מאַכט מיך נישט אומגליקליך.

מערי האָט געשוויגען, געמאַכט אַ שלעכטע גרימאַסע און געריסען די האַנד פון איהר.

מאַדאַם אַדלער האָט זיך ווי ערוואַכט, דערמאָהנט זיך וואָס זי טהוט, אָבגעלאָזט איהר די האַנד און געוואָרפען אויף איהר אַ פעראַכטענדען בליק, ווי דאַמאָלס ווען מען האָט איהר צום ערשטען מאָל פאָרגעשטעלט מערי'ן. איהר געזיכט איז ווידער שטאָלץ און שעהן געוואָרען. זי האָט זיך געגעבען אַ ציה אויס אין גאַנצען, איהר הויכע ברוסט האָט פריי אָבגעאַטהעמט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געוועזען און איז ארויס פון שטוב מיט אַ שמייכעלע, גענייגט לייכט מיט'ן קאָפּ און געוואָרפען אַ פעראַכטענד לעכעלן צו מערי'ס עלטערן, וועלכע זיינען געוועזען אין צווייטען צימער, און איז ארויס אָהן צו זאָגען אַ „זיי געזונד“.

אויפ'ן וועג האָט זי געטראַכט, אַז זי מוז זעהען צו פערנעהמען אין איהר קינד'ס האַרץ דאָס אָרט, וואָס מערי פערנעהמט, צו געווינען זיין ליעבע. און זי איז שטאָלץ געוועזען אויף דער אויפגאַבע און עס האָט איהר אייגענטליך הנאה געטהאָן אויף דעם, וואָס איז געשעהן, וואָרום זי איז אייפערזיכטיג געוועזען אויף מערי'ן פאַר איהר קינד'ס ליעבע...

* * *

— און וואָס וועט זיין דער סוף? — האָט דער פאָטער געטענה'ט צו מערי'ן, ווען מאַדאַם אַדלער איז אוועק — מאַכסט דאָך אונז אַלע אַלט און גרוי. טרייבסט דאָך אונז אין דר'ערד אריין, — האָט ר' חיים זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען — וואָס ווילסטו פון אונז?... טהו דיר וואָס דו ווילסט און לאָז מיך אָב! — מיט די ווערטער איז ער ארויס פון צימער.

מערי האָט געוואוסט, אַז איהר פאָטער, וואָס איז זעלטען ארויס פון געדולד און איז געווען גלייכגילטיג צו אַלעס, איז געוואָרען געקרענקט פון דער סצענע, וואָס זי האָט געמאַכט. עס האָט איהם שוין טיעף אָנגעריהרט און זי האָט בעשטימט ביי זיך לאַנג נישט צוריקצוקומען צו איהרע עלטערן.

זי האָט זיך אין דער שטיל ווייטער איינגעפּאַקט.

— וואו אהין ווילסטו? וואָס ווילסטו טהאָן? — האָט זיך די מוטער געבעטען ביי איהר.

מערי האָט געשוויגען.

זי האָט בעשטימט צו פאָהרען נאָך זאַקאָפּאַנע, צו קאָוואַלסקי'ן. זי האָט געפיהלט, עס איז דער איינציגער, ריכטיגער וועג וואוהין זי קעהר.

.12

אין די בערג.

זי איז געזעסען אין וואַגאָן, אַרום איהר פרעמדע מענשען, וואָס האָבען גערעדט אין אַ שפּראַך וואָס זי פערשטעהט ניט — פּויליש. עס האָט אָנגעהויבען צו טונקלען און די באַהן האָט זיך דערנעהנטערט אין די בערג אריין. פון דערווייטענס האָבען זיך שוין בעוויעזען די הויכע בעשנעעטע בערג: „געבאָנט“, דער „רויטער האָרן“. זייער שנעע האָט זיך געטונקט אין דער גליהענדער, אונטערגעהענדער זונן און זיי האָבען געוואָרפען פון זיך צוריק אַן אָבשיין, וואָס האָט בעלויכטען מיט אַן אויסטערליש רויטליך ליכט די גאַנצע געגענד.

מערי האָט זיך געפיהלט פעראיינזאַמט און פערלאָזען. זי האָט נישט געוואוסט וואו אהין זי פאָהרט און צו וועמען זי פאָהרט. — וועמען האָט זי? — וואָס וועט זי איהם זאָ־

נען ? — און אפשר איז ער שוין ווייט פון איהר ? — נור עס איז איהר אלץ איינס געווען. דארט אהין האט זי געצויגען. זי האט קיינעם ניט אין דער וועלט נור קאוואלסקי'ן, צו איהם קעהר זי און ביי איהם מוז זי זיך געפינען. דאס איז איהר ריכטיגער וועג, און דאס זעהט זי, און אלעס אנדערע, וואס זי האט געטהאן ביז יעצט, איז געווען כדי איהם צו פערגעסען, און פערגעסען האט זי איהם נישט געקענט. זי האט זיך אבגענארט, אבגענארט און פארט זיך נישט געקענט אבנארען . . . און ווען ער דארף זי גאר נישט ? — זי האט נישט געוואלט קלערען דערפון. זי וועט אהין געהען צו איהם ווי א ווייב צו איהר מאן, ווארים זי האט גארנישט אין איהר לעבען נור איהם, און ער אליין קען איהר געבען רוה און גליק. און זי וועט זיך אוועקזעצען ביי איהם אין ווינקעל אריין, דען קיין אנדער היים אויסער זיין ווינקעל האט זי נישט. פון פאטער איז זי אוועק און צוריק אהיים קומען קען זי נישט און וועט נישט . . . אהן קאוואלסקי'ן האט זי נישט וואס צו זוכען אין לעבען. איהר גליק און רוה ליעגט ביי איהם — וועט זי איהם בעטען, שנארען ביי איהם שטיקלעך גליק, ווארים דארט אהין קעהר זי... (זי האט זיך אבגעשאקעלט בשעת מעשה פון דעם געדאנק און געוואוסט ביי זיך, אז זי וועט עס נישט קענען — גלייכער דער טויט). אין וואגאן איז טונקלער געווארען. די געגענד אין דרויסען האט זיך אנגעהויבען צו טוליען אין נאכטליכען שאטען. א קאלטער ווינד האט געבלאזען. מ'האט זיך גענעהנטערט צו די בערג. וואס ווייטער איז איהר די געגענד אונבעקאנטער און פרעמדער געווארען. — צו וועמען וועט זי זיך ווענדען ? וואו וועט זי איבערשלאפען די ערשטע נאכט ? — זי פרעגט די דאמען מיט די הערען, וואס זיצען מיט איהר אין וואגאן צווייטער קלאס, אויב זיי קענען איהר ניט רעקאמענדירען א פאמיליען־האטעל אדער א פענסיאן אין זאקאפאנע. זי פרעגט זיי אויף רוסיש — די געזעלשאפט רעדט פויליש, און פויליש איז דאך עהנליך צו רוסיש — ענטפערט מען איהר נישט. זי פערשעהמט זיך און פרעגט אויף דייטש. דער הערר קוקט זי בעז אן און רעדט עפעס אויף פראנצויזיש, אז אין פוילען דארף מען רעדען פויליש. זי דערשרעקט זיך און שווייגט. אין ווינקעל זיצט א יונגערמאן. ער רעדט עפעס צו דער געזעלשאפט אויף פויליש, זעהט זיך אום, עס פערדריסט איהם, — און ער ווענדט זיך צו איהר אויף א גוטען רוסיש : יא, ער קען איהר רעקאמענדירען. אויב זי קומט נישט אויף לאנג קיין זאקאפאנע, איז דאס בעסטע אין א פענסיאן. אויב זי האט וועמען אין זאקאפאנע — ער וואהנט שוין דארט א שטיק צייט און קען אלעמען. מערי איז איהם זעהר דאנקבאר. זי קלערט א מינוט און שלאגט זיך אין דער דעה, צום סוף פרעגט זי דאך, אויב ער קען נישט קאוואלסקי'ן. — דעם מאלער ? — יא, ווער קען איהם נישט ? משוגע, — זיצט די גאנצע צייט אין א פערווארפען דארף, ביי א פויער, אין די בערג — ביי „טשערוואני דוואר“. זעהר זעלטען קומט ער אין דער שטאדט אראב. ווי אזוי מען קומט אהין צו איהם ? גאנץ איינפאך — א פיהרער וועט זי אהין פיהרען ביז ארויף.

זי שרייבט זיך אויף אין דער שטיל די אדרעסע : „טשערוואני דוואר“ און דאנקט דעם יונגענמאן. דער יונגערמאן איז צו איהר זעהר פריינדליך און ריהמט איהר זעהר די געגענד. זי ענטפערט איהם אויס העפליכקייט און טראכט וועגען דעם ווי אזוי אריינצוקומען צו קאוואלסקי'ן.

ביים אבשטייגען איז דער יונגערמאן איהר בעהילפיג, רופט א וואגען און הייסט פערפאהרען אין א האטעל. זי זאל ניט קיין מורא האבען — עס איז א האטעל פאר מיידלעך און פרויען.

די שטאדט ליעגט אין א טהאל, אבגעשלאסען אין די בערג ארום, וועלכע שניידען אב הימעל און וועלט פון דעם שטעדטעל. די מענשען — מאדנע. אין קורצע פעלצלעך, שלאנקע און שעהנע, דרעהען זיך ארום מיט שטעקלעך אין האנד. און אלעס איז אזוי פרעמד און ווייט.

אבגעשטיעגען אין האטעל, ארומגעוואשען זיך, מילך געטרונקען, איז זי איינע אליין ארויס אין גאס.

די נאכט איז שטיל געווען. מען האט געהערט ווי די שטערען שפאציערען איבער די רוקענס פון די הויכע בערג. פון די געבירג אראב האט געבלאזען א קאלטער ווינד. דער שנעע האט זיך געריבען אין דעם ליכט פון די שטערען, און די טונקעלע הייזלעך האבען זיך בעהאלטען אין די גרינע טונקעלע נאדעלבוימער ביי די פיס פון די בערג. וואס אמאל האבען זיך די ליכטלעך אויסגעלאשען אין די פענסטער און דאס גאנצע שטעדטעל האט זיך געבארגען אין פינסטערן. קיינער איז שוין אויף די געסלעך ניט געווען, נור זי איינע אליין האט זיך ארומגעדרעהט א פרעמדע צווישען די הויכע פרעמדע בערג. און צו וואס איז זי דא אהער געקומען ? — זוכען ליעבע . . . איהר געליעבטער זיצט דארט ערגעץ טיעף אין די הויכע בערג, און זי איז דא איינע אליין אין דער פרעמדער נאכט, אויף דעם פרעמדען ארט . . . און ווייס ער, אז זי זוכט דא, אז זי האט איהם געבראכט איהר יוגענד, איהר ליעבע, איהר ווארימע נשמה ? אלעס, אלעס קעהר צו איהם — אז צוליעב איהם האט זי

אוועקגעוואָרפען איהר פאטער'ס היים, ליעבע, איבערגעבענהייט און זי האָט זיך איהם אין גאַנצען געבראַכט? — און צי וועט ער דאָס צונעהמען?

זי דערשרעקט זיך ביי דעם געדאַנק און טראַכט, אַז האַנדלען אַנדערש האָט זי ניט געקענט, און ניט צוליעב איהם האָט זי דאָס אַלעם אוועקגעוואָרפען, נור צוליעב זיך, צוליעב זיך אַליין, וואָרים אָהן איהם איז גאָר נישט דאָ . . .

און די בערג זיינען געשטאַנען הויך און אָבגעשלאָסען די ארומיגע וועלט ארום איהר, און געקוקט אויף איהר פרעמד און שלעכט, און אויף זייערע מאַיעסטעטישע רוקענס האָבען שפּאַציערט די שטערן. און זיי האָבען געהאַט אין זייער טיעפעניש איהר געליעבטען, איהר מזל, איהר בעשערטען.

און איהר מזל איז אַזוי שלעכט און פרעמד ווי די געבירג.

זי האָט די זאַכען איבערגעלאָזט אין האָטעל און גענומען אַ פוהרל און געהייסען זיך צופיהרען צו „טשערוואָני דוואָר“.

זי האָט איהם נישט געוואָלט שרייבען פריהער — זי האָט געוואָלט פּלוצים און מיט אמאָל זיך געפינען נעבען איהם.

זיי זיינען געפאָהרען איבער שמעקענדע נאָדעל־וועלדער. די בערגער האָבען אין טאָגליכט געוואָרפען פון זיך אַ רויטליכען אָבגלאַנץ. זיי זיינען בעדעקט געוועזען אין גאַנצען ביז אין שנעע ארויף מיט אַ פיאָלעט־בלום. און דאָס פיאָלעט אונטער דעם ווייסען, ליכט־בעגאָסענעם שנעע, האָט אָבגעשיינט רויטליך־בלוי.

ס'איז געוועזען אין הויכען פריהלינג און די נאָדעל־בוימער האָבען געגאָסען פון זיך אַ שוועבעל־פעטקייט, וועלכעס האָט פערשפּרייט אַ זיסען, פעטען ריח. זיי זיינען אָנגעקומען צו די פיס פון די געבירג, אויף וועלכע עס האָבען זיך אראָבגעגליטשט גאַנצע קופּעס שניי. דאָרט האָט מען שוין נישט געקענט פאָהרען. דער פיהרער, אַן אַלטער, הויכער, שעהנער גוי, ווי אַ סאָסנע, האָט מערי'ן געפיהרט צווישען שנעע אויפ'ן באַרג ארויף. פאַר איהר האָט זיך אויפגעעפענט אַ נייע וועלט. די זונן האָט אַריינגעדרונגען מיט איהרע שטראַהלען טיעף אין שנעע־באַרג אַריין און צוגאָסען איהם. עס האָבען זיך אויפגעעפענט שטראָמען און געראָנען אין וואַסערפאַלען איבער'ן שנעע. פון דעם האָבען זיך גאַנצע בערג שנעע אראָבגעגליטשט פון דער הויך און צושאָטען זיך מיט אַ רעש און אַ געשריי, פון הונדערטער מעטערס אין דער הויך, איין קופּע ארויף אויף די צווייטע. דער צופראָהרענער שנעע האָט אויפגעעפענט זיינע טיעפע אוצרות פון ווייסקייט און הערליכקייט, וועלכעס איז נאָך נישט בעפלעקט געוואָרען פון קיין מענשען־אָנבליק. און דאָס פערבלענדעטע ריינקייט איבערגעגעבען אויפצופרעסען פון די זונען־שטראַהלען. און עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אַ חתונה פון זונען־שטראַהלען מיט שנעע־ווייסקייט, ווי דאָס וואָלט אין איינעם אַ ווייסע סימפאָניע געזונגען פון ריינקייט און פאָלקאָמענהייט . . .

זיי זיינען אָנגעקומען צו די ערשטע הייזלעך, וועלכע זיינען געוועזען אין גאַנצען פערשאָטען מיט שנעע. מערי האָט בעצאָהלט דעם איבערפיהרער און איז אַליין צוגעקומען צום דאָרף, אַריינגעקומען אין ערשטען הייזעל און געפרעגט זיך אויף פאַן קאָוואַלסקי.

— דער מאַלער? דאָרט אויבען אין לעצטען הייזעל.

מיט שוועריגקייטען האָט זי זיך אויסגעזוכט אַ וועג אין שנעע צום הייזעל. אַריינגעקומען, האָט זי דערזעהן: זיין פּאַלטאָ, זיין הוט זיינען פערוואָרפען אין אַ ווינקעל, אויף אַ בוך ליעגט דאָרט אָהן טאָוולען. ביי דער קיך שטעהט אַ פויערטע און ברענט קליינע שטיקלעך קיהן אונטער אַן אויוועז, פון וואָס די גאַנצע „כאַלופּע“ איז פערכאַפּט אין רויך. אַ קינד וויינט.

די גויה קומט אַרויס פון רויך און קוקט זי אָן פערוואונדערט און בעז.

— דער פאַן מיכאַל? ווער ווייסט איהם. ליעגט דאָרט ערגעץ אויבען אין שנעע.

און די גויה בעטראַכט זי פון אויבען ביז אראָב.

— אַ וואָס, אַ שוועסטער צי אַ געליעבטע? — פרעגט זי איהר אָהן צערעמאָניעס, און, מען זעהט, נישט אָהן אייפערזוכט. (די גויה איז נאָך יונג און שעהן).

מערי שמייכעלט:

— אַ שוועסטער.

— איהר קענט דאָ איבערוואַרטען, — און געהט אַרויס און רופט אין די געבירג אַריין: „פאַן מיכאַל! פאַן מיכאַל! אַ פאַניענקע איז געקומען.“

פון דערווייטען הערט זיך זיין שטימע: „האָפּ־האָפּ“. מערי לאָזט זי ניט רופען. זי וועט אַליין אַרויסגעהן. און קריכט אַביסעל אין דער הויך, דאָרט ווייטער, וואו דער שפּיץ איז. זי דערזעהט איהם פון דערווייטענס — עס ליעגט עפּעס, אין אַ פויערשען פעלץ איינגעוויקעלט, אין שנעע און קוקט אין הימעל אַריין.

דער הימעל איז דאָ אין גאַנצען, ברייט איבער דער וועלט, און צוגיסט זיך איבער'ן גאַנצען באַרג אַרום. עס זעהט אויס ווי אַ מעכטיגער ריעז וואָלט געקומען איבער די מעכטיגע יונג־פרוי ערד און וויל זי צוזאַמענדריקען אין זיינע אָרעמס — אַזוי צואַוואַרעמט און צוגיסט די זונן דעם שנעע. פון אַלע זייטען

ניסען זיך טייכלעך. עס הויבען זיך אָן ווייזען קליינע וואַסערפאַלען, וואָס זיינען געווען פערשאָטען איבער'ן ווינטער. און געגענאיבער — דער „געבאָנט". — ביז אין הימעל אריין שטייגט ער. און עס קוילערען זיך איבער איהם די בערגער שנעע און צושיטען זיך און צופאַלען אין אַלע זייטען. די זונן שלאָגט אין זיי, אין דער לופטען טראָגען זיך ארום זיעבען־פאַרביגע רעגענבויגענס. עס רויטעלט זיך די לופט פון קלאָרקייט. און דער ליעגט אָהן אַ הוט און קוקט גלייך דער זונן אין פּנים אריין, ווי ער וואָלט דאָ געווען אויסגעוואקסען, און קוקט זיך צומאָל נישט אום — עס געהט איהם גאָרנישט אָן ווער עס קומט. זי שטעלט זיך אָב און קוקט זיך ארום. דער שנעע דערמאָהנט זי אָן עפּעס — אָן יענעם ווינטער, ווען ער האָט אריינגעבלישטשעט דורך דעם שפּאַלט פון זייער לאָדען אין פינלאַנד, ווען זיי זיינען ביידע געזעסען ביים קאַמין־פייער . . .

עס דערמאָהנט זיך איהר עפּעס. אַ רויטער בלוט־שטראָם בעגיסט איהר קערפּער. זי לויפט צו איהם. זי וויל זיך וואַרפען אויף איהם און קושען זיינע ליפען און זיינע אויגען. ער הערט איהרע טריט, ער קוקט זיך אום, דערקענט נישט צוערשט, שטעלט זיך אויף, דערקענט. זי שמייכעלט צו איהם. ער, פערוואונדערט, דערנאָך גלייכגילטיג, מיט בעזקייט, ווי עס וואָלט איהם פערדראָסען וואָס מען שטערט איהם, וואָס מען זעהט זיין הייליגקייט.

— אָה, מערי ! וואָס טהוט איהר דאָ ?

ווי אַ פאַליע פון ים וואָלט זי אָבגעשלאָגען.

זי טאַמעוועט זיך, שטילט זיך, האַלט איין איהר אָטעם און זי איז רוהיג. און מיט דעמזעלבען קאַלטען געלעכטעריל :

— בין געקומען קיין זאַקאָפּאַנע אָברוהען. איך האָב געהערט איהר זייט דאָ, בין איך געקומען צו אייך. איבריגענס, קענט איהר מיר נישט רעקאָמענדירען אָן אנשטענדיגען פּאַנסיאָן ? איך בין דאָ פרעמד.

— אָ, געוויס, געוויס, — און ער מאַכט זיך ארויס דעם שנעע פון די האָאָר און ווייסט נישט וואָס ווייטער צו רעדען.

זי האָט געקוקט אויף איהם. ער איז נישט געווען צו דערקענען. בעוואַקסען איז ער געווען מיט האָאר און באָרד, ווי א ווילדער מענש, און יעצט דאָ ארומגעהילט מיט דעם אויסגעקראָכענעם פויערן־פעלץ, מיט די נישט זעהר אנשטענדיגע הויזען — האָט ער אויסגעזעהן ווי א ווילדער בערג־שעפער. זי האָט איהם די מינוט ליעב געהאַט.

אָבער ער איז קאַלט געווען ווי דאָס אייז ארום איהם.

.13

שנעע.

— דאָ ביי מיר קענט איהר נישט בלייבען, — זאָגט ער מיט אַ שמייכעל — מיין בעל־הבית'טע וואָלט געווען אויף אייך אייפערזיכטיג. און איך מוז איהר דאַנקבאַר זיין פאַר דעם ברויט און באָרשטש, וואָס זי קאָרמעט מיך שוין צייט צוויי חדשים אָהן א גראָשען — זאָגט ער מיט אַ שמייכעל, ווי ער וואָלט זי דאָ נישט געלאָזט זיין.

זי האָט איהם געגעבען אַ קוק אָן און פערקרימט די ליפּען, ווי צום וויינען פאַר דעם צער וואָס ער טהוט איהר אָן.

— ניין, איך מיין נישט אַזוי, — וויל זיך קאָוואַלסקי פערענטפערן מיט שעמעוודיגקייט פאַר דעם צער, וואָס ער האָט איהר אָנגעטהאָן — קיין רייכע פענסיאָנען זיינען דאָ נישטאָ אין דער הויך. איך האָב אפילו דאָ בעקאַנטע, וואָהנען זיי ביי פויערים, נור איהר וועט דאָ נישט קענען וואָהנען — דאָס עסען איז שלעכט. בעסערע פענסיאָנען זיינען אונטען אין דער שטאָדט.

גאָט, פאַרוואָס איז ער אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט ? — קרעכצט מערי אין זיך — פאַרוואָס ? און מיט אַ שמייכעל :

— איהר זייט זעהר אייפערזיכטיג אויף אייערע בערג און איהר האָט מורא, אַז עס זאָל זיי אימיצער זעהען א חוץ אייך.

— מיט אַן אמת געזאָגט, יאַ — שמייכעלט קרום קאָוואַלסקי — איבריגענס, איז ווירקליך דאָ נישט קיין אָרט. אַז איהר ווילט ביי מיינע פריינד — דאָרט וועט אייך גוט זיין. אינטערעסאַנטע מיידלעך, אינטערעסאַנטע יונגע לייט.

מערי האָט געקוקט אויף איהם. ווער איז ער דער פרעמדער מענש, וואָס רעדט אַזוי צו איהר ? און פרעמד איז איהר יעצט קאָוואַלסקי אין גאַנצען פאָרגעקומען. גאָרנישט איז געווען אין איהם, וואָס זאָל זי דערמאָהנען אין איהר געליעבטען. — און צו וואָס איז זי געקומען צו איהם ? און וואָס האָט זי דאָ צו זוכען ? — זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבען און אוועקגעהן אַליין, אַליין אוועקגעהן אין די בערג אריין. זי איז אָבער געווען צו שוואַך דאָס צו טהאָן. זי איז געזעסען אויפ'ן שטיין נעבען שנעע און האָט געשוויגען.

ער איז אויך לאַנג געלעגען אויפ'ן שנעע און געקוקט אַליץ אין הימעל אריין, אָדער געגענאיבער דעם „געבאַנט", אַזוי ווי זי וואָלט דאָ גאָרנישט געווען.

— און וואָס מאַכט איהר ? אַרבייט איהר פיעל ? — פרעגט איהם פּלוצים מערי.

— אַרבייטען, — קוקט זי אָן קאָוואַלסקי — וואָס מיינט איהר ?

— מאַהלען.

— אַהאַ, אַזוי ניין. איך לאָז עס איבער פאַר אַנדערע. איך האָב געגנוג דאָס זעהען.

— רעכענט איהר דאָ לאַנג צו בלייבען ?

— פרעגט זי פּלוצים קאַוואַלסקי.

מערי האָט געקלערט אַ מינוט וואָס איהם צו ענטפערן. זי האָט איהם געוואָלט זאָגען, אַז זי איז אַהער געקומען צו איהם און זי האָט זיך אָנגערופען :

— ניין. ביז איך וועל זיך אַביסעל בערוהיגען. די דאָקטוירים האָבען מיך געהייסען דאָ אַהער קומען, דאָ זאָל זעהר גוט זיין.

— יאַ, אָבער דאָרט אונטען. דאָ איז צו געפעהרליך פאַר'ן הארץ, איהר דאַרפט אודאי נישט זיצען אויפ'ן שנעע, — ווערט ער מיט אַמאָל ליעבענסווירדיג — קומט, וועל איך אייך פיהרען צו מיינע בעקאַנטע. און ער העלפט איהר אויפשטעהן.

זיי האָבען ביידע איבער'ן וועג געשוויגען. קאַוואַלסקי איז געגאַנגען פאַראויס און האָט זיך וויניג אַרומגעקוקט אויף איהר. דורכגעגאַנגען דאָס הויז וואו ער וואָהנט, איז די גויה געשטאַנען פאַר דער טהיר און זיי נאָכגעקוקט מיט גרויס אינטערעס. קאַוואַלסקי האָט געגעבען אַ שמייכעל צו איהר און עפּעס געזאָגט אויף פּויליש, וואָס מערי האָט נישט פערשטאַנען.

מערי איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהם און האָט זיך בעמיהט צו זיין זעהר פרעהליך. זי האָט עפּעס פּלוצים אויפגעלאַכט. קאַוואַלסקי האָט זיך אַרומגעקוקט און זי אָנגעקוקט. האָט זי זיך פערשעהמט און געזאָגט, אַז די שוואַרצע „גאַפּעס" וואָס לויפען אַרום איבער די שנעע־בערג און שרייען קראַה־קראַה, רייצען זי צום לאַכען. זיי זיינען זעהר נאַריש. קאַוואַלסקי האָט געשוויגען.

זיי זיינען געגאַנגען ווייט אַראָב, ביז צו די בוימער. דאָרט, ביי אַ פּויעריש הייזעל, געשניטען אין זאַקאָפּאַנער סטיל, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. קאַוואַלסקי האָט אַריינגעפּייפט די אַריע פון מאַניושקאָ'ס „האַלקאַ". אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַ מיידעל מיט אַ לאַכענדיג געזיכט און גאָלד־בלאָנדע האָר, וואָס האָבען זיך געהאַט אַריינגענומען די זונען־שטראַהלען, ווי די ווינטערויבען אין די יאַרימע זיד־לענדער.

זי האָט געשמייכעלט, געפרעהט זיך אויף קאַוואַלסקי'ס קומען און אַריינגערופען צו די אַנדערע אין שטוב :

— נאַ זעהט, קאַוואַלסקי איז אַראָבגעקומען פון די בערג.

אויף דער שוועל האָבען זיך באַלד בעוויזען נאָך צוויי מיידלעך, קלענערע און שוואַרצערע, ווי די קליינע טעכטער פון די זיד־לענדער, און צוויי, דריי סלאַווישע געזיכטער פון יונגע לייט מיט בלאָנדע האָר און בלאָנדע וואָנצעס. אַלע האָבען געלאַכט און געקומען צולויפען זעהען קאַוואַלסקי'ס בעז־וואונדער, געפרעהט זיך אויף זיין הולך און גאָר נישט געוואונדערט זיך אויף מערי'ס פּלוצליכע ערשיינען.

— איך האָב געבראַכט אַ חבר'טע — אַ רוסישע מיידעל. נעהמט זי צו צו זיך. — רופט זיך אָן קאַוואַלסקי, אַריינגעהענדיג מיט מערי'ן אין דער פּויערשער חאַלופּקע, וועלכע איז געווען אויס טרוקענע ברעטער און לאַנגע בענק אַרום די גאַלהילצערנע ווענד. פערשיעדענע צווייגען, רויטע דעמב גראָז און נאָדעלדערנער זיינען געשטאַנען אין די ווינקלען פון שטוב אין גרויסע וואַזאַנען. די פּאָדלאָגע געוואַשען ריין, איבערגעצויגען מיט אַ פּויערשען זאַקאָפּאַנישען דיוואַן. און אַלע זיינען זיי געזעסען אויף דר'ערד, אויף דעם דיוואַן. די מיידלעך מיט צולאָזענע האָר אין קליידלעך און בלוזקעס אויס פּויערשען שטאָף. די יונגע לייט שלאַנקע און הויכע — אין די בלוזעס אָהן רעק. עס איז נאָך קאַלט געווען. אַ פייערעל האָט זיך געברענט הינטער דעם וואַנד־אויוועז. דאָרט אויף דעם ווייסען פּעלץ זיינען געלעגען אויסגעשפּרייט אָפענע ביכער. זעהט זיך אויס, מען האָט זיי געשטערט פון לעזען.

— וואָס, די גויה האָט דיך שוין פון שטוב אַרויסגעטריעבען ? אפשר איז גאָר דער שוואָגער איהרער געקומען און האָט דיר די ביינער געבראָכען ? — פרעגט אַ יונגערמאַן קאַוואַלסקי'ן.

— האָב נישט קיין מורא, די גויה טרייבט נישט פון שטוב הלואי וואָלטען ד י אַזוי געטריי געווען — ווייזט ער אָן אויף די מיידלעך, — ווי די פּויערטעס זיינען געטריי... געקומען אַ בעקאַנטע, אַ פריינדין. איך וויל זי איינאָרדנען. ווילט איהר זי נישט צונעהמען צו זיך ?

די מיידלעך האָבען זי נישט געפרעגט, ווער זי איז און וואָס זי איז, זיינען צוגעגאַנגען צו מערי'ן, געפרעהט זיך מיט איהר און זי געפרעגט אויב זי איז שוין לאַנג דאָ, וואו זי האָט איהרע זאַכען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די מיידלעך זיינען געווען פון רוסיש־פּוילען און אַלע האָבען גוט גערעדט רוסיש. איינער איז געווען צווישען די יונגע לייט אַ פּוילישער פּויערען־זוהן, אַ מאַהלער, וועלכער האָט נאָך ליעב געהאַט צו טראָגען זיינע פּויערשע העמדער, — בוטשאָק האָט מען איהם גערופען. בוטשאָק האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט מערי'ן. ער האָט געקענט אַ ביסעל רוסיש, זיך אויסגעלערענט ביי די זעלנער און גערעדט מיט איהר רוטעניש. ער האָט איהר

פאַר גדולה די הענד געקושט און מיט פּוילישע מאַניערען אַרום איהר געפּאַדעט.

אין אַ פּאָאַר מינוט אַרום האָט זיך שוין מערי געפיהלט ווי אין דער היים מיט די מיידלעך. זי האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי זי קען זיי שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג און איז יעצט אַהיים געקומען.

אַזוי גוט האָט זי זיך געפיהלט, אַז זי האָט אין אַ מינוט פאַרגעסען אָן קאָוואַלסקי'ן און צו וואָס זי איז געקומען, און דעם עמפּפאַנג, וואָס זי האָט געהאַט. זי האָט מיטגעלאַכט מיט די מיידלעך.

איינער פון די יונגע לייט האָט זיך באַלד גענומען איהר עסען צו געבען. עס האָט זיך אַרויסגעוויעזען אַז אַלע זיינען הונגעריג.

— בויטשאַק ! דאָס טונדעל האָניג — האָבען אַלע אָנגעהויבען צו שרייען.

דער פּוילישער פּויערען־זוהן האָט פון אַ ווינקעל שטוב אַרויסגעקייקעלט דאָס טונדעל האָניג, וואָס דער פּאַטער פּלעגט איהם שי־קען יעדעס יאָהר און פון דעם האָט ער זיך דערנעהרט.

זיי האָבען זיך אַלע אַרום דעם טונדעל געזעצט, אַרויסגענומען ברויט און אָנגעהוי־בען צו טונקען דאָס ברויט אין האָניג. מערי האָט זיך באַלד געפונען דערינען, אויך איינ־געטונקט איהר ברויט אין טונדעל און דערפון געגעסען. מיט דעם האָט זי זעהר נושא חן געוועזען ביי די מיידלעך און זיי האָבען זי גע־האַלטען פאַר אַ זייעריגע.

— און וואָס, דו אַרבייטעסט נאָך אַלץ נישט ? — פרעגט בויטשאַק קאָוואַלסקי'ן.

— פאַר דיר, פאַר דיר האָב איך זיך דאָס דערלאָזט צו מאַכען בילדלעך, אַרויפצוכאַפּען אויף לייוועגד אַ שטיקעל פון דער זון, פון שנעע און דאָס צו פערקויפען דערנאָך צו אַ רייכען אידען, צו אַ רייכען פּריץ. וועט ער זיך עס אויפהענגען אין זיין עס־צימער, עס זאָל איהם אנגענעהמער זיין צו עסען, אָדער אין סאַלאָן זיינעם, געסט צו ווייזען, — „האַנד־אַרבייט“ וועט ער ריהמען — אָדער אין שלאָף־צימער, עס זאָל איהם זיין אנגענעהמער מיט'ן ווייב צו שלאָפען. אַ ניין, אַזוי לאַנג ווי מיין יאַדוויגאַ גיט ברויט מיט באַרשטש, וועל איך נישט נעה־מען דעם פּינזעל אין האַנד, וועל איך זעהען — נישט מאָהלען.

— נו, שוין צייט צו געהען. מיין אַלטע וועט שרייען, זי איז אייפערזיכטיג — אַ שרעק — זאָגט קאָוואַלסקי.

— נו געה, געה. זי וועט דיר נאָך מיט אַ וואַלגער־האָלץ די באַקעס צוקלאַפּען, ווען דו וועסט דאָ לאַנג בלייבען, — שרייט איהם נאָך בויטשאַק.

— דו האָסט רעכט, אייפערזיכטיג, די יוכע ! — און ער געהט אַרויס אָהן אַ זיי־געזונד פון שטוב.

מערי האָט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט, ווי אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפען, זעהענדיג קאָ־וואַלסקי'ן אַרויסגעהן. וואו איז זי ? צו וועמען איז זי געקומען ? און וואָס טהוט זי דאָ ? — נור די מיידלעך האָבען זי באַלד בערוהיגט מיט זייערע לאַכענדיגע, פריינדליכע פּנים'ער. זיי האָבען זי געפרעגט, וואו זי האָט די זאַכען איהרע. איינער פון די יונגע לייט וועט באַלד די זאַכען ברייגגען. בויטשאַק צופלאַמט זיך— ער וועט ברייגגען די זאַכען.

— ער לעבט דאָך מיט דער גויה,—דער־צעהלט בויטשאַק מערי'ן אויף קאָוואַלסקי'ן נאָך זיין אַרויסגעהן — זיצט שוין דריי חדשים אוי־בען אויף די בערג, די „באַבע“ האַלט איהם אין שטוב, גיט איהם ברויט מיט באַרשטש און שליסט איהם אין אין דער שטוב איין. האַלט זי איהם אונטער דער „פּיערשינע“ (דעקע). זי איז אייפערזיכטיג, און זי לאָזט איהם נישט אַראָב פון די געבירג. — דער מאַן איהרער איז נישטאָ — איז אויף אַרבייט געגאַנגען נאָך פרייסען. און ווען ער וועט קומען, וועט ער איהם די ביינער צוברעכען, אוי וועט ער איהם די ביינער צוברעכען ! . . .

אַז קאָוואַלסקי איז צוריק אויף די בערג אַרויף, האָט איהם שוין די גויה אָבגעוואַרט אויף דער שוועל פון איהר הייזעל.

— אַ, דו מיין אינגעל, דאָס מיידעל גע־פעלט מיר נישט. דאָס איז נישט קיין שוועס־טער. דאָס איז אַ געליעבטע. היט דיך, מיין טהייערער, היט דיך, ווארום איך האָב אַזעלכע זאַכען נישט ליעב !

קאָוואַלסקי האָט זיך געשוואָרען, אַז ער האָט גאָר נישט מיט דעם מיידעל. אַז עס איז אַ בעקאַנטע.

ער האָט גענומען אַ שטיק ברויט און אַרויפ־געקראָכען אויפ'ן שפּיץ באַרג.

די זונן האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו זע־צען אַרונטער הינטער „געבאַנט“ און האָט אויף דעם רוקען פון „געבאַנט“ צולאָזט דאָס ליכט אויפ'ן שנעע און, ווי אַ קאָכענדע ווייס־בע־גלענצטע לאַווע, האָט זיך עס געגאָסען אַראָב פון די בערג. אין דער לופטען האָט זיך גע־טראָגען דאָס ליכט פון שנעע, בעגאָסען מיט דעם שיין פון דער אונטערגעהענדער זונן, אַז עס האָט געבלענדעט די אויגען פאַר ווייסקייט. נור נישט אויף דעם האָט קאָוואַלסקי געקוקט. אויפ'ן הימעל האָבען זיך אויפגעעפענט יעצט נייע וועלטען. עס איז געווען, ווי דער הי־מעל וואָלט ענטפּלעקט אַ שטיקעל פון זיינע אוצרות. גאַנצע בערג שנעע־וואָלקען האָבען זיך אַרומגעטראָגען אין דעם בלאָהליכען ים פון הימעל. חרוב'דיגע וועלטען, שטיקער פּאַלאַ־

צען, רואינען אויס מאַרמאָר, לאַזור און הי־
מעל־שיין האָבען זיך געטראָגען אין שטח פון
הימעל. ווייסע סטאַדעס שעפסען האָבען זיך
דאָרט אויבען געבאָדען אין בלאָהע ימים. די
רייכסטע, לייכטענדע לייבער פון נימפען־פרויען
און יונגע פּאַאונען, געהילט און געוויקעלט אין
לאַזור־שלייערן, האָבען געשוועבט פון איין
וואָלקען צום צווייטען און געבאָדען זיך אין
קופּעס שנעען . . . עס האָט זיך איהם געדאַכט,
אַז דאָס אַלץ האָט פון הימעל אַראָבגענידערט.
עס טראָגט זיך אַרום אין דער לופטען אַ צוויי־
טע וועלט, אַ שעהנערע און אַ בעסערע, אַז
דער הימעל האָט זיך געעפענט און עס האָט
זיך ענטפּלעקט פאַר איהם די וועלט, וואָס איז
איבער'ן הימעל אָפען און פריי, און ער אַליין
זעהט די אוצרות און די הערליכקייט.

אַלעס דאָרט איז לאַזור און שנעע־ריין,
אַלעס איז דאָרט הימליש און ענטפּלעקט זיך
פאַר איהם אין דער ריינסטער הערליכקייט. עס
גליטשט זיך אַראָב פאַר איהם אויף די געבירג
שנעע און עס וועט זיך באַלד צושיטען און
אַראָבקייקלען איבער די בערג צו זיינע פיס.
און קיינער זעהט דאָס נישט, נור ער אַליין. ער
שטעהט אויף דעם באַרג און פאַר איהם האָט
זיך דער הימעל ענטפּלעקט. ער איז דער שע־
פער פון דעם אַלעם. אַלעס קעהרט צו איהם
און פאַר איהם עפענט זיך דער הימעל אויף
און עס געהען דורך די הערליכקייטען און
וויזען זייער גלאַנץ. די הענד האָט ער אויפ־
געעפענט, אויסגעשפּרייט זיך אין דעם שנעע
און געשריגען הויך, הויך, ווילדע געשרייען.
און דאָס אַלעס האָט געהערט זיין שטים, גע־
פרעהט זיך מיט איהם און צוריקגעגעבען זיין
עכאָ. ער האָט אויפגעריסען זיין העמד, זיין
האַרץ ענטפּלעקט פאַר דעם ליכט און געטרונ־
קען אין זיך אַריין די ווייסקייט און איינגע־
הערט זיך צו דעם גאַנג פון די וועלטען איבער
זיין קאָפּ. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די
וועלטען, אַז די שנעען, די הימעל־לייבער, דאָס
לאַזור ליכט און די לייכטענדע וואָלקען געהען
דורך דורך זיין לייב, און ער שווימט מיט מיט
דעם שנעע, מיט דעם ליכט, ער שווימט מיט, ער
שווימט מיט אין דער אונענדליכקייט אַריין.

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

14.

די פאַמיליע בלום.

די מיידלעך, צווישען וועלכע מערי איז
אַריינגעפאַלען, זיינען געווען די שוועסטער
בלום — העלענאַ, מאַטילדאַ און זאַשקע. הע־
לענאַ איז געווען העל ווי אַ ליכטיגער זונען־
טאָג; מאַטילדאַ דונקעל, מיט פעך־שוואַרצע
האָאר און שוואַרצע נאַכט־אויגען, ווי די דונקע־
לע נאַכט, און ביי זאַשקען האָט זיך אַלעס גע־
וועקט און זי איז געווען ווי דער פריה־מאָרגען
שטערן. אויגען האָט זי געהאַט יונגע, און מויל
און צעהן יונגע. און דאָס פּנים מיט די האָאר
האָט תמיד אויסגעזעהן ווי געוואַשענע, ווי
ערשט וואָס אַרויסגעקומענע פון הינטער דעם
וואָלקען, אַזוי ווי דער מאָרגען־שטערן שיינט
אַרויס פון די נאַכט.

אַרום זיי האָט זיך צוזאַמענגעקליבען
אַלעס, וואָס איז געווען אינטערעסאַנטעס פון
יונגע לייט, סיי פון אידען, סיי פון גוים, אין
דעם פּוילישען שטעדטעל זאַקאָפּאַנע.

זיי קומען אַרויס פון אַן אַלטע אידיש־פּוילי־
שע משפּחה, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַסימי־
לירט. פיער דורות האָבען געאַרבייט אויף
די פירמע ב ל ו ם. דער ערשטער האָט גע־
הייסען פּשוט ר' שמואל און איז אַרויסגעקו־
מען פון אַ קליין שטעדטעל אין פּוילען — פון
ליענטשיץ. עס איז געווען אין דעם 31סטען
יאָהר, ווען די פּאָליאַקען האָבען די פּאָווסטאַ־
ניע געמאַכט. דער איד, דער שענקער פון
ליענטשיץ, האָט געניהט קאָפּאָטעס פאַר די
פּוילישע זעלנער און צוגעשטעלט אָקסען אין
די וועלדער אַריין. אַזוי אַרום האָט ער זיך
מיט די שררים בעקאַנט, און דערנאָך, אַז די
צייטען האָבען זיך בערוהיגט, איז ער געוואָרען
ביי זיי אַ חשוב: געקויפט וועלדער, געהאַל־
טען גאַרשעלניעס. געהאַט פיעל קינדער —
ווי יעדער איד, ווען עס געהט איהם גוט —
און אָנגעהויבען זיך משדך צו זיין מיט נגידים.
גרויסע נדנ'ס געגעבען, געלאָזט שוין די קינדער
שטודירען, און זיינער אַ זוהן, דער אינגסטער,
וואָס איז געווען אַ סטודענט אין די „שקאָלע
גלאָוונע", האָט שוין אין דריי און זעכציגסטען
יאָהר, ווען די פּאָליאַקען האָבען די צווייטע
פּאָווסטאַניע געמאַכט, ניט קיין קאָפּאָטעס
געניהט, און ניט קיין אָקסען צוגעשטעלט, נור
האָט זיך אַליין אַרומגעוואַלגערט מיט די פּאָליאַ־
קען אין די וועלדער, און פערלוירען געוואָרען
אין די פּאָווסטאַניע. דער „פעטער" איז דאָס
דער „קדוש" אין דער משפּחה — זיין בילד,
אין אַ פּוילישען קאָסטיום, מיט אַ קרומען
שווערד ביים זייט, אין אַ קאָנפעדעראַטקע,
הענגט ביי יעדען מיטגליעד פון דער פאַמיליע
מיט שוואַרצע קרעפּע בעהאַנגען. מאַמעס דער־
צעהלען זייערע קינדער וועגען „וואַיאַשעק
סטאַש". דער „וואַיאַשעק סטאַש" האָט נאָך
מעהר געהויבען די משפּחה בלום אין די אויי־
גען פון די פּוילישע שררים, און די משפּחה
בלום האָט גרויסע געשעפטען געמאַכט, רייך
געוואָרען, פערשפּרייט זיך איבער די פּוילישע
שטעדט און אומעטום געשפּיעלט צווישען אי־
דען די ראָלע פון די טרעגער פון פּוילישע
קולטור. קינדער־היימען געגרינדעט, וואו מען

האָט געלערנט מיט אָרימע אידישע קינדער פּויליש. עס איז געווען אָנגענומען א טראַדיציע אין דער משפּחה, אז די בחורים פון דער פאַמיליע, וועלכע האָבען שטודירט אין די גימנאַזיעס, זאָלען לערנען מיט די בית־המדרש בחורים פּויליש, און די מיידלעך זיינען ארומגעגאַנגען צו די נייהטאָרינס, צו די ארבייטאָרינס, צו די סטראַזשעס קינדער אין די קליינע שטעדטלעך, און זיי געלערנט פּויליש. ארויסגעשיקט יעדעס יאָהר קיין וואַרשוי אין בית־המדרש בחורים, וואָס זיי האָבען ארויסגענומען פון די ישיבות, פון די בתי־מדרשים.

אין די אידישע שטעדטלעך האָט מען זיי פערשאָלטען, מען האָט זיי געהאַלטען פאַר אפּיקורסים, פאַר עוכרים, נור מען האָט גאָר ניט געקענט טהאָן געגען זיי, ווייל זיי זיינען געווען רייך און שטאַרק.

און דער „וואַיאַשעק סטאַש“ האָט געלעבט אין דער משפּחה, זיין בילד אין פּוילישען קאָסטיום האָט גערייצט ביי די קינדער די פאַנטאַזיע און געוועקט דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט אין זיי. די קינדער האָבען גע׳חלום׳ט וועגען א פּוילישען אויפשטאַנד, אין וועלכען מען זאָל זיך אויך קענען בעטייליגען, ווי דער „וואַיאַשעק שטאַס“. אין די ווינטערדיגע פערנאַכטען האָט מען דעקלאַמירט די דריטע טייל פון מיצקעוויטש: „זשאַדי“, וועלכעס מען האָט געהאַט אריבערגעשווארצט פון דעם קראַקאָווער גרענעץ. אין יעדער צווייג פון די משפּחה בלום איז דאָס בוך געווען הייליג און פערבאָרגען בחדרי־חדרים, מיט גרויסע סודות.

דער היינטיגער בלום, דער פאָטער פון די מיידלעך, איז ניט געווען קיין גרויסער רעוואָלוציאָנער, געזעסען אין דער גובערניע־שטאָדט פּ. ביי דעם ווייכסעל. צוואַנציג מייל ארום איז קיין באַהן ניט געווען. די בעלי־בתים איינגעזעסענע. קיין קאָנקורענץ — חזקה אן אנגענומענע זאַך. מען האַנדעלט מיט די פּריצים, קויפט אָב וועלדער, טרייבט אָן דערצו א קליינע אינדוסטריע — א צוקער־פאַבריק. דאָס פערמעגען וואַקסט, נור קיין נחת פון די קינדער האָט ער ניט. מילא זיינע ברידער און שוועסטער זיינען אויך געווען „רעוואָלוציאָנערען“ — אין א ווינטער־נאַכט, ווען מען האָט געמאַכט א באַלל, האָט מען אין געהיים דעקלאַמירט פון „זשאַדי“. אָבער, פון דעסטוועגען, האָט מען חתונה געהאַט, נחת געהאַט פון קינדער, טעכטער אויסגעגעבען. און די וועלט האָט זיך ווייטער געפיהרט. נור ווען זיינע קינדער זיינען אויפגעוואַקסען, האָבען זיי אָנגעהויבען צו נעהמען די זאַך אויף א רעכטען אמת. ניט געהאַט צו טהאָן מיט שררים, ניט „געקונדעוועט“ זיך מיט פּריצים, ווי דער „וואַיאַשעק שטאַס“, נור מיט׳ן פּראָסטען עולם, מיט ארבייטער, מיט די ארבייטער פון זיין פאַבריק. און ניט פאַר — „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגינעלאַ“, נור פאַר „עקאָנאָמישע בעדינגונגען“ גאָר. און ניט אין געהיים האָבען זיי דאָס געטהאָן, ווי אמאָל יענע, ביים לעזען „זשאַדי“, נור אָפען פאַר דער וועלט. האָט מען זיי טאַקע געכאַפּט. די ערשטע איז געגאַנגען זיין עלטסטע טאָכטער, גאַבריעלי. א מיידעל געווען נאָך אין אכטען קלאַס, אכטצעהן יאָהר אַלט געווען. ביי נאַכט געקומען, א רעוויזיע געמאַכט, זי אוועקגענומען, און אוועקגעפיהרט זי מיט׳ן עטאַפּ. דער פאָטער איז געווען א גאַנצער היימישער מענש ביי דער פּאָליציי, מיט׳ן נאַטשאַלניק, מיט׳ן פּאָלקאָווניק. געלאָפען צו נאַטשאַלסטוואָ, נור מען האָט איהם ניט צוגעלאָזט. — „דיינע קינדער בונטעווען זיך, אין די „הויכע פענסטער“ ווייסט מען פון זיי. א פּריקאַז אָנגעקומען פון וואַרשוי. די ארבייטער אָרגאַניזירען זיי. די ערשטע סאָציאַליסטישע חברה האָט דיין טאָכטער אין אונזערע רוהיגע געגענדען אָרגאַניזירט. א גרויסע פויגעל דיין טאָכטער, א סאָציאַליסטקע“. דאָס וואָרט „סאָציאַליסטקע“ האָט אין דער משפּחה, אין דער שטאָדט און דער גאַנצע געגענד, וואו אַלעס האָט געלעבט זיין רוהיג־שטיל לעבען, א שרעק אָנגעוואָרפען. מען האָט נאָך ניט קלאָר געוואוסט, וואָס דאָס איז אזעלכעס. לעגענדעס זיינען דעריבער געגאַנגען, מען האָט געזאָגט, אז עס איז אזא געהיימער בונד געגען קיסר — א „שווארצע מאַסקע“, א „רוטער טויט“... אין דער שטיל האָט מען גערעדט דערפון, סודות זיך איבערגעגעבען און דאָ, הערר בלום׳ס עלטסטע טאָכטער, די רייכסטע כלה פון דער געגענד — א „סאָסיאַליסטקע“, אין ארענסטאַנטסקע קליידער... האָט מען זי מיט׳ן עטאַפּ, מיט צוויי זעלנער, שווערדען רעכטס און לינקס, איבער די שטאָדט געפיהרט. א טויטער שרעק איז איבער דער שטאָדט געפאַלען. מאַמעס האָבען די קינדער אין די שטובען בעהאַלטען.

נור פון דענסמאָל אָן איז אין דער געגענד אונרוהיג געוואָרען. צוויי סטראַזשניקעס אין א דאָרף גע׳הרג׳ט. פּויערים בונטעווען זיך. און ווי עפּעס א רעוויזיע — באַלד צו די בלום׳ס. דאָס סם האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער משפּחה, און אַלע קינדער, ביז צו די קלענסטע, פון צווייטען קלאַס גימנאַזיע. דער „וואַיאַשעק שטאַס“ לעבט אין דער משפּחה, און ניט אין חלום, נור אויפ׳ן וואָהר. דאָס יונגוואַרג רייסט זיך צו דער „ארבייט“ און דער „וואַיאַשעק שטאַס“ איז שוין ניט מעהר דער הייליגער. די הייליגע איז גאַבריעלע, די וואָס וואַלגערט זיך ארום אויף די ווייסע שנעעסטעפּעס פון קאַלטען סיביר. איהר נאָמען

ווערט מיט פּרומקייט אַרויסגערעדט. ביי איהר נאָמען איז די הייסטע שבועה.

דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט האָבען זיי מעהר פון דער מוטער געירשנ׳ט, איידער פון פאָטער (וועלכער איז אַרומגעגאַנגען צייט דאָס אומגליק מיט דער טאָכטער ווי אַ געהרג׳עטער, געשעפּטען אָבגעלאָזט, און זיך ניט מעהר אינטערעסירט מיט גאָרנישט). די מוטער איז געווען אַן אויסטריש־מענש. זי האָט דאָס ענטפּלעקט ביי די קינדער קליינערהייט די פאַנטאַזיע, און בעגייסטערט זיי מיט דעם „וואָיאַשעק שטאַם“. זי איז אַרויסגעקומען פון דער פּוילישער מיסטישער פּראָווינץ „קאָיאַווע“. דאָרט, וואו די ערד איז תמיד פייכט, זומפּען אויף מיילען ווייט און לצים און שדים געהען אַרום צווישען די לעבעדיגע; ביי נאַכט פערפיהרען „בלאָנדזשענדע ליכטלעך“ דעם פּויער און איד אין די זומפּען אַריין. שדים־חתונות שפּיעלען זיך אָב ביי נאַכט אין פערלאָזענע קרעטשמעס.

די מוטער איז געווען אַ מיסטישע נאַטור. דאַר, הויך, מיט שוואַרצע האָאר און שוואַרצע גרויסע שרעקענדע אויגען, איז זי אַרומגעגאַנגען אין איהר הויז, ווי אַ טאַפּאַליע פון איהר געגענד — שטיל, שווייגענדיג, בעהאַלטען אין זיך, און האָט דערצעהלט די קינדער, אין די ווינטער־נעכט, מעשות פון די פּוילישע פּאַווסטאַניע, דעקלאַמירט די פּוילישע דיכטער, — „זשאַדי“ געקענט אויף אויסווענינ. איהר האָבען די קינדער צו פערדאַנקען זייער אונרוהיגען גייסט. און, אַז זי האָט געהערט ביי נאַכט שווערדען קלאַפּען ביי די סטראַזשניקעס, וועלכע האָבען אַ רעוויזיע געמאַכט, האָבען איהרע אויגען געבלישטשעט און זי איז שטאָלץ געווען דערויף. נור, אַז זי האָט דערהערט, צוליעב וואָס איהר טאָכטער ווערט אַרעסטירט, אַז ניט איבער די „פּוילישע ספּראַווע“, נור איבער סאָציאַליזמוס, איז זי ווילד געוואָרען, געשריען, אַז איהר טאָכטער איז פאַלש געוואָרען דעם אידעאַל, און זיך ניט געוואָלט מיט איהר געזעגענען. און פון דענסמאָל אָן איז זי קראַנק געוואָרען און פלעגט שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ אין איהר סאַלאָן ווילדע סימפאָניעס. זי איז געווען מוזיקאַליש און האָט אביסעל יונגערהייט אַקאָמפּאַנירט. ווען זי איז קראַנק געווען, פלעגט זי זיך ביי נאַכט אויפכאַפּען, צוגעהן צו דער פּיאַנאָ, און אַ ווילדע מוזיק האָט געשאַלט אין די ליידיגע, גרויסע סאַלאָנען... אַ שרעק פלעגט אָנפאַלען אויף די קינדער. זיי האָבען זי מיט צרות איינגענומען, צוריק אין איהר צימער געבראַכט. באַלד איז זי געוואָהר געוואָרען, אַז די איבריגע קינדער איהרע זיינען אויך ניט טריי געבליבען דעם „אידעאַל“. איהר עלטסטער זוהן טראָגט זיך נאָך אַרום מיט ערגערע זאַכען. עס איז דענסמאָל אויפגעשטאַנען דער ציוניסטישער געדאַנק און אָנגעהויבען אויף אַריינדרינגען צווישען די שוהל־יוגענד.

זייער זוהן האָט זיך געחבר׳ט מיט אידישע יונגע לייט און גערעדט אידיש, און פון די אידישע יונגע לייט האָט ער צו זיך אַהיים געבראַכט אידישע ביכער. ביים טיש, ווען קריסטען זיינען געזעסען, האָט ער עקסטרא גערעדט אידיש און אויפגעמישט זיינע זשיהאָווסקי ביכלעך און קאָמפּראָמיטירט דאָס גאַנצע הויז. ער וויל אַן אַגראָנאָם ווערען און אַוועקפאָהרען אין ארץ ישראל אַן ערד אַרבייטער זיין. דעם אומגליק האָט מען נאָך מעהר בעקלאָגט ווי די טאָכטער׳ס. (און דאָס איז טאַקע דער ה׳ אַגראָנאָם בלום, וואָס מיר וועלען איהם שפּעטער בעגעגענען). נור צוויי זיינען איבערגעבליבען טריי דעם „אידעאַל“. דאָס איז די טאָכטער העלענאַ, וועלכע האָט ליעב די פּוילישע ערד און די פּוילישע פּויערים, פון קליינערהייט אָן געהאַט אַ נייגונג צו דער קירכע, ליעב געהאַט דעם געזאַנג פון דער קירכע און פלעגט שטענדיג געהן אויף אַבענד־געבעטע און וויינען, ווען דער אָרגאַל שפּיעלט. העלענאַ׳ן האָט די מוטער געלאָזט שטודירען אין קראַקאָוו, און דאָרט האָט זי זיך פערליעבט אין דעם פּוילישען פּויערן־מאַלער בויטשאָק, איהם מיט אַהיים געבראַכט צו די עלטערן און די מוטער האָט זיי ביידען געבענשט אויף דעם טויטען בעט, און מען האָט זיי בעטראַכט אַלס חתן־כלה. (ה׳ בלום האָט שוין ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין שטוב און בעטראַכט אַלץ פאַר משוגע). דער צווייטער איז געטריי געוואָרען דעם אידעאַל, דער זוהן יאַש, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ פּאָליאַק. נור אויך ער האָט באַלד ערקלערט, אַז היינט צו מאַכען אַ רעוואָלוציע פאַר פּוילישע אונאַבהענגיגקייט איז אַן אונזין. די צייטען בייטען זיך, און די היינטיגע רעוואָלוציע דאַרף זיין ניט צו בעפרייען דעם בורזשואַ, כדי איהם צו געבען אַ גרעסערע מאַכט, נור צו בעפרייען דעם פּוילישען אַרבייטער. דאָס איז די פּוילישע רעוואָלוציע פון היינט. און ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אַן די פּ. פּ. ס. נור די מוטער האָט שוין ניט דערלעבט צו זעהן, ווי איהר זוהן ווערט אויך פאַלש דעם „אידעאַל“. זי איז געשטאָרבען אין דער צייט פון גרויסען רעש, ווען איהרע קינדער זיינען זיך צולאָפען.

זי האָט געהאַט נור געבען זיך די קליינע צוויי מיידעלעך, וועלכע האָבען נאָך פון גאָרנישט געוואוסט. זי איז געשטאָרבען בעוואוסטלאָז, אין דעם געדאַנק, אַז איהרע קינדער שלאָגען זיך אויפ׳ן פּוילישען פעלד „פאַר׳ן פּוילישען אידעאַל“. פון איהר טויט זיינען די קינדער געוואָהר געוואָרען, ווען זיי האָבען געהאַלטען אין דער אַרבייט פון בעפרייען דעם

ארבייטער פון בורזשוא. א טייל זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו איהר טויט־בעט, א טייל האָבען נור געהערט פון איהר טויט „אין די וויסטע סטעפעס פון קאַלטען סיביר“.

דער פאָטער איז געוואָרען פעראיינזאמט נאָך דער מוטער׳ס טויט. ער איז ארומגעגאַנגען ווי א משוגענער, ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך, געמיינט, אז די וועלט איז משוגע געוואָרען און מיט איהר זיינע קינדער און ער. ער האָט פערקויפט זיינע פאַבריקען, זיינע הייזער און איז אוועק אין אויסלאַנד. דאָס הויז האָט ער איבערגעלאָזט, עס האָט געהערט צו דער משפחה, און א סך משפחה־זאַכען האָבען זיך דערין אויפגעהאַלטען, און עס האָבען דערין נאָך געלעבט צוויי אַלטע מומעס, וועלכע זיינען איבערגעבליבען אליין אין דעם הויז, אין די גרויסע שטובען, וועלכע האָבען אמאָל געשאַלט פון קינדער־שטימען און קינדער־פרייד. אויפ׳ן וואַנד איז געהאַנגען דעם „וואָיאשעק׳ס שטאס“ בילד און זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט נור געקענט וועקען די צוויי אַלטע מומעס צום „טהאַט“. דאָס יונגוואַרג איז צולאָפען געוואָרען. די עלטערע טאָכטער איז געוועזען ערגעץ־וואו אין סיביר. די איבריגע קינדער זיינען אוועק אין דעם פוילישען פאַטריאָטישען אָרט, אין זאַקאפאַנע. האָרטען האָבען זיי געוואָהנט אין דעם דאָרף, צווישען די נאַדעל־בוימער. ארום זיי האָבען זיך געקליבען די פוילישע יוגענד, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דעם פוילישען אָרט נאָך דער רעוואָלוציע. אָט אין דעם מיליע צווישען די שוועסטער, האָט קאָוואַלסקי אריינגעפיהרט מערי׳ן.

(פאָרטזעצונג קומט).

לעאָן קאָברין

זיגמונד מאגולעסקא

(אַ כאַראַקטעריסטיק)*

1.

א גרויער, מרה שחורה׳דיגער נאָכמיטאג... עס רעגענט. עס שנעעט. עס רעגענט ווידער. א קאַלטע נאַסקייט פאַלט פון אויבען. א קאַלטע פייכטקייט ציהט פון אונטען. קאַלט, נאַס און אומעטיג, שטאַרק אומעטיג...

עס ציהט זיך פאַר די אויגען דער וואַשינגטאָנער בית עולם; עס לעבט אויף אין זכרון דער, יענער פון דיינע אמאָליגע נאָהענטע בעקאַנטע, וואָס די דאָרטיגע ערד האָט אויף אייביג פערשלונגען, און ניט ווילענדיג טהוט זיך א טראַכט: „דו וועסט זיך אויך ניט ארויסדרעהען!“... עס ציהען זיך און ציהען זיך די שוואַרצע, אייזערנע שטאַכעטען פונ׳ם בית עולם, ווי אן אייזערנע מחיצה צווישען דעם לעבען און טויט, און אומעדום מצבות, מצבות, גרויע, שוואַרצע, פייכטע און קאַלטע; זיי מישען זיך מיט ביימער נאַקעטע, אויך אזוינע גרויע, פייכטע און קאַלטע... און דאָרט, ארום א פרישע גרוב, שטעהען מענשען, מענער און פרויען, אַלט און יונג, בעקאַנטע און אונבעקאַנטע, איינצעלנע און אין קופעס... זיי שטעהען אונטער׳ן קאַלטען רעגען דורכגענעצטע, צונויפגעקאָרטשעטע, מיט טריבע אויגען, און וואַרטען ביז די פרישע גרוב וועט פערשלינגען נאָך איינעם פון זייערע בעליבטעסטע נאָהענטע, וועלכער האָט צעהנדליגע יאָהרען געטריבען דעם אומעט פון זייערע הערצער, זייער מאָגולעסקאָ׳ן.

דאָס איז זייער ליעבלינג׳ס לעצטע עהרען־פאָרשטעלונג, ביי וועלכער מען הערט ניט דעם געוועהנליכען בעגייסטערטען „בראַוואָ, מאָגולעסקאָ!“...

און עס רעגענט, עס שנעעט. עס רעגענט ווידער. דער עולם קאָרטשעט זיך מעהר פאַר נאַסקייט און קעלט. די פנים׳ער זיינען אויך בעצויגען מיט א מין גרויע, פייכטע גרימאַסע. א גרויער הימעל, גרויע מצבות, גרויע, נאַקעטע ביימער, גרויע פנים׳ער, גרויע בליקען, — אוי, גאָר ניט ווי ביי מאָגולעסקאָ׳ן אויף א פאָרשטעלונג!...

און אָט האָט מען איהם ארונטערגעלאָזט אין די שוואַרצע אייביגקייט. דער עולם טהוט זיך א לאָז נעהענטער. א געדרענג. א שטילער, דומפפער געמורמעל... אין דער גרויער פייכטער לופט דערהערען זיך פערזשאַווערטע טענער פון עפעס א הייזעריגען חזן. דער דומפפער קלאַפען פון די לאָפעטעס, וואָס וואַרפען די

* דער אַרטיקעל איז בעשטימט געווען פאַר׳ן פאָריגען נומער און איז אָבגעלייגט געוואָרען צוליעב טעכנישע טעמים.

ערד, בעגלייטען די דאָזיגע שרעקליכע טענער...

וואָס פאַר א בייזער שפּאַס דאָס איז גע־וועזן אזא גרויער, מרה שחורה'דיגער טאָג פאַר מאַגולעסקאָ'ס לויה, פאַר דעם מאַן, וואָס זיין נשמה איז געוועבט געווען פון זון, פרייד און געלעכטער! מיט וואָס פאַר א בייזער איראָ־ניע האָבען געקלונגען די פערזשאַווערטע טע־נער פון דעם חזן אויף דעם קבר פון דעם מאַן, וואָס איז אין גאַנצען געווען מוזיק!...

פון דער לעצטער עהרען־פאַרשטעלונג פון זיין ליעבלינג איז דער עולם זיך צוגאַנגען מיט א שווערען, שווערען געמיטה. אָהן א „בראַוואָ, מאַגולעסקאָ!"...

2.

מיט מאַגולעסקאָ'ס נאָמען איז פערבונדען דער אָנפאַנג פון דער אידישער ביהנע. צוזאַ־מען מיט איהר איז ער געוואַקסען, האָט גע־וואַנדערט, עמיגרירט נאָך אַמעריקאַ און זיך געעלטערט. אום צו שאַפען א טהעאַטער פון כמעט גאָר נישט האָבען זיך געפאָדערט גאַנץ בעזונדערע כוחות, ש א פ ע נ ד ע כוחות; מענשען מיט'ן אמת'ן געטליכען פונק אין זייע־רע נשמות, מיט בעגייסטערטער ליעבע צו זייער זאַך האָבען זיך צו דעם געפאָדערט. און דאָס זיינען זיי געווען, די פּיאָנערען פון דער אידי־שער ביהנע. איז נישטאָ קיין טהעאַטער, שפּיעלט מען אין שייערס, אין קלייטען, אין שטאַלען. זיינען נישטאָ קיין פּיעסען, שטעלט מען פאַר א דיאַלאָג צווישען צוויי, צווישען דריי פאַרשוינען — פון א חסיד, פון א זעלנער. זיי־נען נישטאָ קיין פרויען, וואָס זאָלען וועלען שפּיעלען טהעאַטער, ווערט מען אליין א פרוי, שפּיעלט מען אליין אַן אַלטע באָבע, א יונגע מיידעל... לאָזט זיך אויס דאָס טהעאַטער אין רומעניען, פאָהרט מען נאָך רוסלאַנד שפּיע־לען. פערבאָט מען אין רוסלאַנד צו שפּיעלען, פאָהרט מען נאָך גאַליציען, נאָך לאָנדאָן, נאָך אַמעריקאַ און מען שפּיעלט אידיש טהעאַטער. די אויפגעוועקטע כוחות רוהען ניט, דער אַר־טיסטישער גייסט זוכט זיך צו ענטפּלעקען פאַר מענשען, דער געטליכער פונק זוכט הערצער צו צינדען, צו וואַרעמען. אויף שריט און טריט שטערונגען. בעליידיגונגען פון דער פּאָליציי אין רוסלאַנד, הונגער אין גאַליציען און אין לאָנדאָן, הונגער, שפּאָט און בעליידיגונגען די ערשטע צייט אין אַמעריקאַ, שפּאָט און בעליי־דיגונגען דאָ פון די דייטשע יהודים, און זיי גיבען זיך ניט אונטער, די שאַפענדע כוחות פון דער אידישער ביהנע. שפּיעלען און שאַפען אַן עולם פאַר זיך, שאַפען אַן אידישען טהעאַטער.

דאָס אַלסדינג אויסצוטראָגען, דאָס אַלס־רינג אויסצוקעמפּפען האָבען זיך געפאָדערט, ווי איך האָב שוין באַמערקט, גאַנץ בעזונדערע מענ־שען, מענשען פון יענעם מין, וואָס זיי זיינען גאַנץ וועניג דאָ ביי אַלע פעלקער.

איינער, דער גרעסטער פון די דאָזיגע וועניגע, וועלכער, מען קאָן זאָגען, האָט גע־אָטהעמט מיט'ן אידישען טהעאַטער, איז געווען זיגמונד מאַגולעסקאָ.

ער מאַכט צו מיר אַמאָל מיט זיין בעזונ־דערען חן'עוודיגען מאַגולעסקאָ־שמייכעל:

— איהר ווייסט, איך בין דאָך א ביגאַ־מיסט?

און ער ערקלערט מיר:

— צו דער ביהנע בין איך דאָך אויך פער'קנס'ט... און איך האָב זי ליעב... אַי, א וואויל ווייב!...

און וויפיעל ליעבע, בעגייסטערונג און צויבער האָט געקלונגען אין זיין כאַראַקטערים־טישען „אַי!"... מאַגולעסקאָ אליין נור האָט אזא „אַי" געהאַט, אויף וועלכען יעדעס הארץ האָט זיך געמוזט אָברופען, סיי פון דעם העכ־סטען אינטעליגענט און סיי פון דעם פּשוט'סטען מענשען.

איך זאָג נאָך אַמאָל: נור אזוינע פון גאָט געזאַלבטע קרעפטען ווי ער, מאַגולעסקאָ, ווי דער פריה־פערשטאָרבענער ישראל גראַדנער, לויט וואָס איך האָב געהערט וועגען איהם, און ווי א יעקב אַדלער האָבען געקאָנט בעשאַפען פון כמעט גאַרנישט א אידישען טהעאַטער. אין זייערע נשמות האָבען זיי דעם שאַפונגס־מאַטעריאַל פאַר איהם געטראָגען, וועלכען גאָלד־פאַדען האָט זיי דערפיהלען אין זיך געלאָזט, אויף וועלכען ער האָט זיי אפשר אָנגעוויזען, און זיי האָבען דעם טהעאַטער בעשאַפען, וואָס יעקב גאָרדין און די איבריגע פון אונז האָבען שפּעטער אין אַמעריקאַ א נייע געשטאַלט גע־געבען.

דער פאַקט אליין, וואָס אין דעם משך פון די עטליכע און דרייסיג יאָהר, זינט דאָס אי־דישע טהעאַטער איז געבאָרען געוואָרען, האָט זיך ניט בעוויזען קיין צווייטער גראַדנער, קיין צווייטער מאַגולעסקאָ און קיין צווייטער אַדלער ביי א סך גינסטיגערע אומשטענדען ווי אַמאָל, אין א צייט, ווען עס זיינען פאַראַן אזוינע טהעאַטערע, אזא פּובליקום, ווען אזוי פיעל פּיעסען מיט „ראָלען" זיינען דורכגעגאַנגען אי־בער די ברעטער פון דער אידישער ביהנע, בע־ווייזט טאַקע, אז די פּיאָנערען פון דעם אי־דישען טהעאַטער זיינען געווען מענשען פון גאָר א בעזונדערען מין און, אז ווען ניט זיי, וואָלט אפשר היינט גאָר קיין אידישע ביהנע אין גאַנ־צען ניט געווען...

3.

עס זיינען פאַראַן קינסטלער אויף אַלע געביטען פון דער קונסט, וואָס אין זייער שאַפען שטראַהלט אַפּ, אזוי צו זאָגען, א געוויסער הויפּט־כאַראַקטער־צוג פון דער נשמה פון זייער פאָלק. אָט די זיינען דאָס די נאַציאָנאַלע קינסטלער אין דעם אמת'ן זין פון'ם וואָרט.

דער הויפּט סמן פון אַזאַ קינסטער, וואָלט איך געזאָגט, איז דער, וואָס זיינע ווערק געפינען אָן אָפּקלאַנג אין די הערצער ביי אַלע שיכטען פון זיין פאָלק, סיי ביי דעם אינטעליגענט, סיי ביי דעם האַלב־געבילדעטען און סיי ביי דעם נשמה, וואָס זיי אַליין זיינען גייסט פון איהר גייסט, און וועלכע עס האָט זיך *ענטפּלעקט דורך דער נשמה פון דעם קינסטלער.*

אַזאַ קינסטלער אין זיין פאַך איז געווען

זיגמונד מאָגולעסקאָ. — געשטאָרבען דען 4 פעברואַר, 1914.

גאַנץ פשוט'ן פאָלקס־מענש. עפּעס איז דאָ אין דעם קינסטלער'ס ווערק, וואָס איז זיי אַלעמען נאָהענט, וואָס ווירקט אויף זיי אַלעמען, וואָס וועקט און רופט די הערצער ביי זיי אַלע־מען, טראָץ וואָס זיי געהערען צו די פערשיי־דענסטע קלאַסען. דאָס וועקט און רופט זיי די אינטימע, ווארעמע שטימע פון פאָלק'ס

זיגמונד מאָגולעסקאָ. ער איז געווען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, דער *נאַציאָ־נאַלער אידישער קאָמיקער.* אַלע זיינע אייגענאַרטיגע, פערשיידענסטע טע־נער און פאַרבען האָט דער אידישער קאָמיזם דורך איהם, מאָגולעסקאָ'ן, אויסגעדריקט. דער אידישער קאָמיזם האָט ליעב אַמאָל אַ טאַנץ

צו טהאָן. טאַנצט מאָגולעסקאָ, טאַנצט דער איד און ניט קיין אַנדערער. טאַנצט דער אידישער חסיד צי ביי א חתונה, צי אין א יום־טוב, אין א שוהל שמחת תורה צו הקפות, צי ביי א ספר תורה איינגעבען, צי ביי אן אנדער מצוה, אן אַנדער שמחה... דער איד טאַנצט, די אידישע נשמה הוליעט... און דער אידישער עולם, וואָס איז דערביי, איז אָנגעצונדען מיט א התלהבות, וואָלט, דאַכט זיך, אויך זיך אוועקגעלאָזט מיט איהם טאַנצען... דער אידישער קאָמיזם האָט ליעב א געפעפערטען וויץ, זאָגט איהם מאָגולעסקאָ. אָבער אזוי נאַאיוו, אַזוי אונשולדיג, אזוי נאַטירליך, מיט אזוי פיעל חן, אמת אידישען חן, דאָס עס דאַכט זיך, אז עס איז די נאַטירליכסטע זאַך דער דאָזיגער נאַאיוועער און דאָך חן'עוודיגער איד זאָל דאָס זאָגען... דער אידישער קאָמיזם האָט ליעב אמאָל צו זינגען, זינגט מאָגולעסקאָ. זינגט אַלע מאָל די נגינה, וואָס ער טראָגט אין זיין אייגענער נשמה. זיינע אייגענע ליעדעלעך, זיינע אייגענע מאָטיווען, און ווי נאָהענט עס קלינגט דאָס דער דאָזיגער מאָגולעסקאָ'ס געזאַנג פאַר די אידישע צוהערער! זייער געזאַנג זינגט ער, דעם עכט־אידישען געזאַנג, וואָס צוגעהט זיך איבער זייערע אַלעמענס הערצער און וועלכען זיי אליין זינגען באַלד נאָך. א סך פיעסען אויף דער אידישער ביהנע האָבען גערַאד צו פערדאַנקען זייער גרויסען ערפאָלג מאָגולעסקאָ'ס ליעד, זיין עכט־אידישער מוזיק. אפילו יעקב גאָרדינ'ס „שעהנע מרים“ האָט אויך געהאַט צו פערדאַנקען מיט יאָהרען צוריק איהר גרויסען ערפאָלג אין טהאַליאַ טהעאַטער מאָגולעסקאָ'ס ליעד „דאָס פּעקעלע“, וועלכען, מען קען זאָגען, אַלע אידען האָבען נאָכגעזונגען און זינגען עס נאָך היינט ווי דאָ, אזוי אין די אַנדערע לענדער...

דער אידישער קאָמיזם קרעכצט און כליפּעט אמאָל. קרעכצט און כליפּעט אמאָל מאָגולעסקאָ, קרעכצען און כליפּען דאַן די הערצער ביי אַלע זיינע צושויער. מאָגולעסקאָ קרעכצט, מאָגולעסקאָ כליפּעט, דער לעגענדאַרער פרעהליכער איד, די פרעהליכקייט פון דער אידישער נשמה האָט זיך צוקרעכצט און צוכליפּעט...

מיט איין וואָרט, דער אידישער קאָמיזם אין אַלע זיינע נואַנסען און שאַטירונגען, מיט זיינע פערשיידענסטע טענער און פאַרבען, מינעס און האַוואַיעס, האָט זיך ענטפּלעקט דורך מאָגולעסקאָ'ן, ווען ער איז אויף דער ביהנע געשטאַנען.

עס איז איהם קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו שפּיעלען א קאָמישען טיפּ פון א אידישען אינטעליגענט. איך בין אָבער זיכער, אז אַזאַ טיפּ וואָלט ער אויך געשפּיעלט אזוי, ווי נור ער אליין האָט געקענט שפּיעלען. דערפאַר וואָלט ער ניט געקענט, איך בין איבערצייגט אין דעם, שפּיעלען מעשה מאָגולעסקאָ א קאָמישען גויעשען טיפּ. אַזאַ טיפּ וואָלט ער געשפּיעלט א סך ערגער ווי אן אַנדער אידישער קאָמיקער, וואָס האָט ניט קיין טויזענטען טהייל פון זיין טאַלענט. און טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס סך אייגענע, אידישע, וואָס ער האָט אין זיין נשמה געטראָגען, וואָלט איהם געשטערט צו פערדרייהען ריכטיג דאָס פרעמדע, דאָס גויעשע...

עס זיינען פאַרהאַן אַקטיאָרען, וואָס שפּיעלען אַלסדינג: אי קאָמישע ראָלען, אי טראַגישע, אי אַלטע, אי יונגע, ווי עס זיינען פאַרהאַן שרייבער, וואָס שרייבען אַלסדינג: אי געדיכטע, אי ערצעהלונגען, אי פּיעסען, אי פּובליציסטישע אַרטיקלען, אי נייעס אין די צייטונגען, אי אפילו, ווען מען דאַרף, אָבהאַנדלונגען איבער קונסט און קינסטלער. געוועהנליך זיינען אַזוינע, מיט געוויסע אויסנאַהמען, טאַלענטלאָזיגקייטען, מענשען, וועלכע האָבען זעהר ווייניג, אָדער כמעט גאָר נישט, זייער אייגענעס. זיי צייכענען זיך אין גאָר־נישט אויס. זיי קענען זיך ניט אויסצייכענען, ווייל אין זיי איז ליידיג, פּוסט. מיט דער זעלבער גלייכגילטיגקייט קענען זיי אָנפילען זייער פּוסטקייט מיט וואָס נור זיי אַליין ווילען. זיי זיינען ווי די פּוסטע פעסער, וואָס היינט זיינען זיי אָנגעפילט מיט וויין, מאָרגען מיט עסיג, צי גאָר מיט וואַסער. מאָגולעסקאָ אָבער איז תמיד געווען א כלי, פול אָנגעגאָסען ביז איבער די ברעגעס, וואָס גאָט אַליין האָט אָנגעגאָסען, מיט אמת'ן וויין, מיט איין געוויסען טהייערען סאָרט וויין, פון דעם אידישען וויינגאָרטען...

דעם אידישען קאָמיזם האָט ער אַלע מאָל געגעבען, דאָס איז געווען זיין אייגענס, מיט דעם איז ער געווען פול. דאָס האָט ער געגעבען און נור דאָס האָט ער געקענט געבען, אז עס זאָל האָבען דעם אמת'ן מאָגולעסקאָ טעם...

.4

פאַר מיינע אויגען טראָגט זיך פערביי א לאַנגע גאַלערעע פון מאָגולעסקאָ־טיפּען: מאָגולעסקאָ־„שמענדריק“, מאָגולעסקאָ־„קוני־לעמעל“ פון גאָלדפאַדען; מאָגולעסקאָ אַלס דער שדכן אין הורוויטש'עס „פּוילישער אינגעל“; מאָגולעסקאָ אַלס פּעשע די קעכין; מאָגולעסקאָ אַלס שפּרינצע די מעקלערין אין שייקעוויטש'עס „קאָקעטע דאַמען“; מאָגולעסקאָ אַלס אַלטע פרוי, אין הורוויטש'עס „מאָשקאַ און מישקאַ“; מאָגולעסקאָ אין שייקעוויטש'עס „אימיגראַנטען“; אַלס דער שמענדריק־אידעל אין לעטיינער'ס „אידישע האַרץ“; מאָגולעסקאָ אַלס אליקום סטאַדאָליע אין „דבורה'לע די מיוחסת“ פון גאָרדין; מאָגולעסקאָ אַלס שליאָמע הוץ אין גאָרדינ'ס „אונבעקאַנטען“; מאָגולעסקאָ אין גאָרדינ'ס „שחיטה“; מאָגו־

לעסקאָ אַלס סאַפּאָ'ס פֿאָטער אין גאָרדינ'ס „סאַפֿאָ“; מאָגולעסקאָ אין אַ ראָלע אין ליבינ'ס „טרוימער“, אין אַ ראָלע אין ליבינ'ס „שכנים“, אין אַ ראָלע אין קאַטצ'ס „דאָן קיכאָט“, אין אַ ראָלע אין פּינסקי'ס „יענקעל דער שמיעד“, אַלס מאַטקע באַס אין מיין „איסט־סייד גהעטאָ“, אַלס רעוורענד פּומפּ אין מיין „בלינדען מוזיקאַנט“ און נאָך, און נאָך, ווער קען עס אויסרעכענען די אַלע ראָלען, אין וועלכע מאָגולעסקאָ האָט זיך אויסגעצייכענט! . . .

יעדע פֿון די דאָזיגע אויסגערעכענטע פּאַרשוינען האָבען ביי איהם געלעבט, יעדע מיט איהר בעזונדערען לעבען, מיט איהר בעזונדערען קנייטש, האַוואַיע, מינע, און דורך יעדע פֿון זיי האָט זיך ענטפּלעקט דער אידישער קאָמיזם, בעווירצט מיט דעם בעזונדערען מאָגולעסקאָ חן. אַ סך פֿון די דאָזיגע ראָלען וועלען אָפּשטאַרבען צוזאַמען מיט איהם. ווייל קיין אייגענעם לעבען האָבען זיי ניט געהאַט. זיי האָבען געלעבט נור מיט דעם לעבען, וואָס ער, מאָגולעסקאָ, האָט אין זיי אריינגעבלאָזט . . .

און ווי ער האָט דאָס לעבען אריינגעבלאָזט, ווי לייכט! איין בליק, איין געוויסע האַוואַיע, עטוואָס אַ בעוועגונג, אַ קעהר, אַ מאַך מיט דער האַנד אויף אַ בעזונדערען אופן, אַ בעזונדערע בעטאָנונג, און עס איז שוין געשטאַנען פֿאַר אייך אַ לעבעדיגער קאָמישער אידישער טיפּ. מיט איין שטריך האָט ער געקענט אָנווייזען אויף די קאָמישע זייט פֿון אַן ערנסטער און אויף די ערנסטע זייט פֿון אַ קאָמישער סיטואַציאָן.

אָט ערשיינט ער אַלס סאַפּאַ'ס פֿאָטער אין גאָרדינ'ס „סאַפֿאָ“. קיינער קען איהם נאָך ניט. נור שוין באַלד ביי זיין אויפטרעטען, ווי אַזוי ער האַלט די אַקסלען, טראָגט די הוט, וואַרפט מיט די הענד און בעזונדערס פֿון דעם טאָן, מיט וועלכען ער ווענדט זיך צו זיין פרוי: „גיב אַ גלאָז טהעע“, דערקענען מיר אין איהם דעם הפקר־אידען מיט דער קליינציקער נשמה'לע, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט דער לינקער זייט פֿון דער גרויס־שטאָדטישער ציוויליזאַציאָן. ער האַלט פֿון זיך. ליעבט זיך, זיין מאָגען און ווייטער קיינעם ניט. איהר האָט רחמנות אויף זיין פרוי, עס טהוט אייך וועה פֿאַר זיין טאָכטער. און דאָס האָט געקענט בעווייזען מאָגולעסקאָ מיט אַ פּאָאַר שטריכען, הגם ער האָט די ראָלע, ווי איך ווייס, ניט ליעב געהאַט.

אגב, ער האָט בכלל מעהר ליעב געהאַט די ראָלען אין שייקעוויטש'עס און לעטיינער'ס פּיעסען, ווי די ראָלען אין די פּיעסען פֿון גאָרדין און פֿון אונז, די איבריגע, וואָס זיינען פערעכענט אַלס די בעסערע דראַמאַטורגען. ער האָט ער מיר ניט איין מאָל געזאָגט. פֿאַרוואָס? דאָס איז לייכט צו ערקלערען. אין גאָרדינ'ס ראָלען, ווי אין די ראָלען פֿון די אַנדערע בעסערע פּיעסען, האָט ער זיך געפֿיהלט ניט פריי גענוג. זיין געפֿליגעלטער שאַפֿונגס־גייסט, וועלכער איז געוועהנט געווען אין די אַנדערע פּיעסען צו שאַפֿען אונגעשטערט פֿון טויט לעבען, פֿון כמעט גאָר נישט כאַראַקטערע, האָט זיך דאָ, אין די ראָלען פֿון די בעסערע פּיעסען, געפֿיהלט אין אַ געוויסען זין געפּענטעט, געבונדען פֿון אַ לעבען, וואָס האָט שוין עקזיסטירט, פֿון אַ כאַראַקטער, וואָס דער פֿערפֿאַסער האָט שוין בעשאַפֿען . . . צו ענג האָט ער זיך געפֿיהלט, פערשפּאַרט אין אַ לעבען, אין אַ כאַראַקטער, אין וועלכען זיין שאַפֿונגס־גייסט האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפֿען אַן אַנדערען... דערצו האָט ער זיך דאָ געמוזט האַלטען מעשה סטאַטיק, ניט זינגען, ניט טאַנצען. וועהרענד אין די אַנדערע פּיעסען פֿון שייקעוויטש, הורוויטש און לעטיינער האָט ער דאָס אונגעשטערט געקענט טהאָן, דאָס הייסט געקענט זיך ענטפּלעקען פֿאַר דעם עולם אויך מיט דיעזע זייטען פֿון זיין טאַלענט . . .

האָט ער אָבער אמאָל געשפּיעלט אין די בעסערע פּיעסען, האָט איהם דערנאָך קיינער ניט געקענט נאָכמאַכען.

געגוג פּיעסען פֿון די בעסערע האָבען אידישע אַקטיאָרען בעגראָבען מיט זייער שפּיעלען, קיין איינע פֿון זיי מאָגולעסקאָ. געוועהנליך, אַז אַ פּיעסע האָט אַן ערפֿאָלג אויף דער אידישער ביהנע, איז 90 פּראָצענט פֿון דעם ערפֿאָלג האָט מען צו פֿערדאַנקען דער פּיעסע און נור 10 פּראָצענט דעם שפּיעלען פֿון די אַקטיאָרען. מיט מאָגולעסקאָ'ן אָבער האָט אַ סך מאָל פּאַסירט, אַז די גאַנצע הונדערט פּראָצענט פֿון דעם פּיעסע־ערפֿאָלג האָט געהאַט צו פֿערדאַנקען זיין שפּיעלען . . .

אַ סך איצט־בעריהמטע אַקטיאָרען און אַקטריסעס האָבען צו פֿערדאַנקען זייער נאָמען אויסשליסליך די בעסערע פּיעסען־שרייבער, אָבער ניט מאָגולעסקאָ. אין אַלסדינג, וואָס ער האָט געשפּיעלט, האָט ער זיך ארויסגעוויזען. פֿון דעם נאַרישסטען מיש־מאַש, פֿון דעם אומגעלומפּערטסטען כאַאָס האָט ער שטענדיג ארויסגעטויכט, פֿול לעבען און אידישען הומאָר. ווי מאָגולעסקאָ האָט ניט איבערטריבען, איז ביי איהם אויסגעקומען נאַטירליך. דאָס איז געווען זיין קראַפֿט. פּונקט ווי די אַנדערע אונזערע קאָמיקער, ווען זיי ווילען אפילו שפּיעלען נאַטירליך, טרייבען זיי איבער. דאָס איז זייער שוואַכקייט.

.5

דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר 17 צוריק. איך האָב דאַן אונטערהאַנדעלט מיט טהאַליאַ טהעאַטער וועגען מיין „איסט־סייד גהעטאָ“. מאָגולעסקאָ'ן האָב איך נאָך דאַן ניט געקענט, ווי איך האָב נאָך בכלל ניט געקענט די מייסטע

פון די אידישע אַקטיאָרען. איך קום אריין אין טהאַליע טהעאַטער. מען שפּיעלט דאָרט הורוויטש'עס א פּיעסע „מאָשקאָ און מישקאַ“. אויף דער ביהנע שפּיעלען אַקטיאָרען, מאַכען זיך משוגע. איך זעה, אז דאָס זיינען אַקטיאָרען פון יעדער בעוועגונג זייערער, פון זייער גרים און פון זייער אַרט ריידען. און צווישען זיי דרעהט זיך ארום עפּעס א אידענע מיט א פּאַטשיילע איבער די אַקסלען, אַן אויסגעדאַרטע, אויסגעמוטשעטע אידענע מיט א לאַנגען, צוקנייטשטען און שפּיציגען פּנים. עס דאַכט זיך מיר, אז די אידענע האָט על פּי טעות פערבלאָנדזשעט פון דער גאַס אויף די ביהנע און די אַקטיאָרען דאָרט טרייבען שפּאַס מיט איהר. איך הער זיך צו. די אידענע רעדט און איהר קול דריקט אויס שרעק, מורא, צוטומעלטקייט. מען וויל איהר דאָרט שטעלען פּאָקען, ציטערט איהר אויסגעדאַרטער, נאַקעטער אָרעם אונטער דעם פערקאַשערטען אַרבעל, טרייסעלט זיך ביי איהר יעדעס אבר, צוקט און פלאַטערט יעדער קנייטש אויף איהר אויסגעמוטשעטען פּנים, ווי די רחמנות'דיגע, בעטענדיגע טענער אין איהר קול... דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער. דער עולם אַפּלאָדירט, שרייט: מאָגולעסקאָ! מאָגולעסקאָ! עס ערשיינט די אידענע פאַר דעם פאָרהאַנג מיט אַזאַ זיסען, חן'עווריגען שמייכעל (די בעגייסטערונג האָט גערוהט אויף דעם דאָזיגען שמייכעל, וואָלט איך געזאָגט), און נייגט זיך. דאָס טהעאַטער הילכט: בראַוואָ, מאָגולעסקאָ! בראַוואָ!...

איך בין ערשטוינט ממש. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אז די דאָזיגע אידענע זאָל זיין אַן אַקטריסע, בפרט נאָך אַן אַקטיאָר!...

שפּעטער, אין א חודש ארום, האָב איך די געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט איהם נעהענטער. מען שטעלט אויף אין טהאַליע טהעאַטער מיין „איסט־סייד געהעטאָ“. ער שפּיעלט דאָרט מאַטקע באַס, דעם תם'עוואַטען, דערשלאָגענעם אַרבייטער, וועלכער האָט מורא אי פאַר דעם באָס, אי פאַר זיינע ברידער אַרבייטורער. ער וואָלט געסקעבט, כדי ניט איינצו'רוגז'ן דעם באָס, און סטרייקט מיט די אַרבייטער, ווייל ער האָט מורא פאַר א פּאַטש. דער דאָזיגער מאָטקע באַס, ווייזט זיך ארויס אויף די פּראָבען, איז ניט צום האַרצען מאָגולעסקאָ'ן. ער האָט א טבע איבערצו'חזרן דעם אָנפאַנג פון א פראַזע ביי יעדען סוף פראַזע. ווי, למשל, „אַז איך זאָג דאָך, אז“...

מאַכט צו מיר מאָגולעסקאָ אויף דער פּראָבע:

— אי שלעכט, טאַטעלע! האַרטע עברה. עס שלעפּט זיך מיר נאָך. דעם נפש וועל איך שוין ניט איינבייסען...

אז איך הער דאָס פון איהם, ווערט מיר אודאי „אי שלעכט!“...

טרעפט, אז א פּאָאר טעג פאַר די ערשטע פאָרשטעלונג שטויסט זיך אָן מיין פרוי אין העסטער סטריט אויף אַזאַ מין טיפּ ווי מאָטקע באַס. זאָגט זי עס מיר. איך לויף אַוועק צו מאָגולעסקאָ'ן אהיים. (ער האָט דאַן געוואָהנט אויף איסט־בראָדוויי). ער שלאָפט. מען וועקט איהם אויף. איך זאָג עס איהם. ער טהוט זיך א כאַפּ מיט התפּעלות: „טאַקע?“ און באַלד זיינען מיר אין העסטער סטריט, און מאָגולעסקאָ רעדט מיט'ן אידען, וועלכער פערקויפט איהם א פּאָאר זאָקען פון זיין קערבעלע. גערעדט מיט איהם עטליכע מינוט, מאַכט דערנאָך צו מיר מאָגולעסקאָ מיט זיין בעזונדערען בעגייסטערטען שמייכעל: „עס וועט שוין זיין גוט, טאַטעלע!... איך האָב איהם שוין... וועט זיין א וואויל נפש'ל!...“

און ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג קומט ארויס יענער אידעל, עס זאָל פעהלען א האָאר! דער אייגענער קול, די אייגענע בעוועגונגען, דאָס זעלבע בערדעל, דער זעלבער בליק, די זעלבע מינעס, נור בע'טעמ'ט מיט דעם בעזונדערען מאָגולעסקאָ חן...

מיין פרוי רופט זיך אָן צו מיר: „זעה נור, דאָס איז דאָך דער איד פון העסטער סטריט!“...

ווער עס האָט געזעהן מאָגולעסקאָ'ן אין דער ראָלע פון מאָטקע באַס, בעת אין דעם ערשטען אַקט, אין מיטען שמחת'תורה'דיגען הוליען, ווען דער גאַנצער עולם אינ'ם טהעאַטער פרעהט זיך און לאַכט מיט איהם, דערמאָנט ער זיך פלוצלונג אָן זיין פּעקעל צרות און בעזונדערס אָן דעם, אז זיין זוהן בענעלע איז געשטאָרבען — „קיין דאָקטאָר איז ניט געווען, קיין דאָקטאָר, און בענעלע איז געשטאָרבען, בענעלע...“ — ווער עס האָט איהם געזעהן אין דער דאָזיגער סצענע און ווער עס האָט זיין קול געהערט, יענער האָט פון זיין כליפּ אויפגעציטערט, יענער האָט זיין וואונדער־קראַפט אויף זיך דערפיהלט. דער גאַנצער עולם, וואָס האָט מיט איהם ערשט געלאַכט, האָט פלוצלונג גענומען קרעכצען און זיפצען...

די דאָזיגע ראָלע איז דערנאָך געווען איינע פון זיינע קרוין־ראָלען.

אין דער אייגענער פּיעסע האָבען די אַרבייטער געדאַרפט ארויפקומען שמחת תורה צו זייער לאַנדסמאַן גוט יום טוב ביטען מיט געזאַנג. האָט מאָגולעסקאָ פערפאַסט א ניגון אָהן ווערטער. און וואָס פאַר א שטימונג האָט דער דאָזיגער מאָגולעסקאָ־ניגון אויף דער ביהנע ארויפגעבראַכט! די פרעהליכקייט פון דעם אידישען קבצן, פון דעם אידישען אַרבייטער האָט אין איהם געקלונגען, א פרעהליכקייט מיט קרעכצען און טרערען. אין דעם דאָזיגען

ניגון, וואָס מען האָט געזונגען אין דעם ערשטען אקט, האָט זיך געפיהלט די גאַנצע טראַגעדיע פון דעם אידישען ארבייטער, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין די ווייטערע אקטען...

דאָס האָט אונבעוואוסט געשאַפען מאָגולעסקאָ'ס זשעני!...

.6

איך געדענק ניט, ווער פון די אידישע אקטיאָרען האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז ווען מאָגולעסקאָ וואָלט זיין שטום, וואָלט ער אויך געזונגען. דאָס איז זעהר א טרעפענדער אויסדרוק וועגען מאָגולעסקאָ'ן. איך האָב איהם געזעהן די לעצטע יאָהרען, ווען ער איז שוין קראַנק געווען, ווען די שטימע האָט איהם שוין ניט געדיענט, אין שייקעוויטש'עס „אימיגראַנטען", און ער האָט אויך געזונגען...

הייזעריג, מיט דער קראַנקהייט אינ'ם האַלז, האָט ער געזונגען. און דאָס, וואָס זיין שטימע האָט ניט דערזונגען, האָבען זיינע אויגען דערזונגען, זיין פּנים, זיין יעדער אבר, זיין יעדער ריהר, זיין יעדע בעוועגונג — אזוי, דאָס דער עולם האָט אַלץ איינס זיין געזאַנג געפיהלט, זיין מאָגולעסקאָ־געזאַנג...

דעם לעצטען מאָל האָב איך איהם געזעהן פאַר עטליכע יאָהרען אין לעטיינער'ס „אידישע האַרץ". קראַנק איז ער געווען און שוואַך. די קראַנקהייט האָט אויפגעפרעסען זיין שטימע, זיינע לעצטע כוחות, האָט דער שאַפונגס־גייסט, וואָס האָט אין איהם אזוי געלעבט, זיך אויסגעדריקט דורך זיינע, מאָגולעסקאָ'ס... א פוס... ער האָט געשפּיעלט דאָרט א אידעל, וואָס ציטערט פאַר זיין ווייב'ס דוך. דער איידים זייגער רעדט איהם איין, ער זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווייזען זיין פרוי, אז ער איז דער מאָן. ער לערנט איהם, ווי א טופּע צו טהאָן אויף דער ווייב מיט'ן פוס. מאָגולעסקאָ, דער שלימ־מזל'דיגער מאָן, נעהמט צונויף די כוחות, וויל פאָלגען זיין איידים, וויל ריכטיג א טופּע טהאָן מיט'ן פוס. דערזעהט ער אָבער דאָס ווייב, טהוט זיין פוס אזוי צושראָקען און הכנעה'דיג זיך א בויג, דאָס עס דאַכט זיך, אז די גאַנצע שרעקענדיגע נשמה פון דעם דאָזיגען אידעל ליעגט אין זיין פוס. אָט דעם דאָזיגען מאָגולעסקאָ־פוס האָט לעטיינער'ס „אידישע האַרץ" דאַן געהאַט צו פערדאַנקען פאַר דעם גרויסען ערפאָלג אין טהאַליא טהעאַטער...

שווער איז דער קראַנקהייט געווען צו פערשטיקען מאָגולעסקאָ'ס זשעני. האָט זי זיין שטימע דערשטיקט, האָט ער מיט די אויגען געזונגען, מיט'ן פּנים, מיט זיינע בעוועגונגען. האָ זי פון איהם די כוחות ארויסגעזויגט, האָט זיך נאָך א פוס ביי איהם בעוועגט...

צום סוף האָט די קראַנקהייט זיינע פיס אויך בייגעקומען. 56 יאָהר איז ער ערשט אַלט געווען, ווען ער האָט ארויסגעהויכט זיין לעצטען אטהעם־צוג.

געווען א מאָגולעסקאָ אויף דער אידישער ביהנע, נישטאָ מעהר קיין מאָגולעסקאָ און גאָט ווייסט, אויב ביי די היינטיגע בעדינגונגען אויף דער אידישער ביהנע וועט א צווייטער מאָגולעסקאָ נאָך אמאָל זיין. איינער נאָכ'ן אַנדערען געהן אוועק פון דער אידישער ביהנע איהרע שעפער. און די, וואָס זיינען נאָך פערבליעבען, זיינען אָדער אזוינע, וואָס אין זייערע הערצער איז איצט אויסגעלאָשען דאָס שאַפונגס־פייער, אָדער אזעלכע, וואָס אין זייערע הערצער האָבען זיי קיינמאָל קיין שאַפונגס־פייער ניט געהאַט. קיין נייע שאַפונגס־קרעפטען בעמערקען זיך ניט, פיהלען זיך ניט אויף דער פערדאָרטער אידישער ביהנע. אפשר ווען דאָס פאָלק אליין זאָל אמאָל אויסבויען זיין פאָלקס־טהעאַטער, דערוויל אָבער... קיין נייער מאָגולעסקאָ קען ביי אונז אזוי גיך ניט זיין אויף דער אידישער ביהנע, אפילו, קיין סך קלענערע קרעפטען. דערפאַר...

אומעטיג, אומעטיג!...

בן־לוי

די אידישע ערציהונג אין ניו־יארק

די „ביוראָ אָף עדיוקיישאָן“.

פיעלע, מעגליך, איבערלעזענדיג דעם נאָמען: „ביוראָ אָף עדיוקיישאָן“, וועלען באַלד אַ פרעג טהאָן: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בעשעפענים? אלזאָ, אין קורצען, דאָס איז אַ ביוראָ פאַר אידישער ערציהונג. כאָטש דער נאָמען זאָגט עס ניט אויסדריקליך; דאָס וואָרט „עדיוקיישאָן“ איז דאָ, אָבער „אידישע“ איז ניטאָ. אָבער דער וואָס וועט זיך וועלען בעמיהען און דורכלעזען דעם גאַנצען נאָמען*) וועט האָפענטליך קענען דרינגען, דאָס עס מיינט ניט עטוואָס אנדערש, נור אידישע ערציהונג.

דיעזער אינסטיטושאָן, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען דעם 1טען אָקטאָבער, 1910, דורך די פיהרער פון דער ניו־יאָרקער „קהלה“ מיט דער פינאַנציעלער הילף פון איין מאַן, האָט זיך געשטעלט אלס איהר אויפגאַבע צו געבען דער אידישער ערציהונג אַ פּנים פון איינהייטליכקייט, אָדער, לויט דעם ספּעציעלען ביוראָ־אויסדרוק, צו יוניפאָרמירען און סטאַנדאַרדיזירען די אידישע ערציהונג.

דאַכט זיך, אַ שעהנע, נאָבעלע אידעע. נור לאָמיר בעטראַכטען די טהעטיגקייט פון דער ביוראָ ביז היינטיגען טאָג.

בעקאָנען זיך אַם בעסטען מיט די ציעלען און טהעטיגקייט פון דער „ביוראָ“ קען מען דורך דער דערמאָהנטער בראָשור, וועלכע איז אַן אָפיציעלע אויסגאַבע פון דער „ביוראָ“, פערפאַסט דורך איהר פיהרער, דר. ש. בענדערלי.

נאָכדעם ווי דער פערפאַסער, אין זיין פאָרוואָרט, רעכענט אויס די סבות, וועלכע האָבען ארויסגערופען די אָרגאַניזירונג פון דער „ביוראָ“, גיעט ער דעם סך הכל פון איהר טהעטיגקייט פאַר צוויי יאָהר, און הויפּטזעכליך, אַן איבערבליק פון איהרע ציעלען און שטרעבונגען להבא, אין איניגע פערשיעדען טיטולירטע פּאַראַגראַפען. דאָס שלום־וואָרט ענדיגט ער מיט דיזע ווערטער: „דער ערפאָלג פון דער ארבייט פון דער ביוראָ וועט זיין אָבהענגיג פון דריי זאַכען: גערולד, טאָלעראַנץ און קאָנסטרוקטיווע קריטיק“.

מילא, וואָס איז שייך צו גערולד, מוז מען דאָך, ווילענדיג ניט ווילענדיג, האָבען. ווייטער, וואָס איז נוגע טאָלעראַנץ, מהיכא תיתא. אָבער, וואָס איז נוגע ק א נ ס ט ר ו ק ט י װ ע ק ר י ט י ק, דאָס איז שוין אַ זאַך, וועלכע מען קען ניט גאַראַנטירען. וואָס עס איז יאָ אין אונזער מעגליכקייט צו פערזיכערען, דאָס איז: ע ה ר ל י כ ע ק ר י ט י ק.

אין דעם פאָרוואָרט פון דער דערמאָהנטער בראָשור ווערט געזאָגט: „אַ דאַנק דער ווייטזיכטיגקייט און גרויסהערציגקייט פון איינעם, וועלכער איז תמיד אויף דער וואך אין בעצוג צו די גייסטיגע, אזוי ווי צו די מאַטעריעלע, בעדערפניסע פון דער אידישער געמיינדע אין אַמעריקאַ, איז דער ערשטער טריט צו ענטוויקלען אַ סיסטעם פון אידישער ערציהונג אין דיזען לאַנד פערמעגליכט געוואָרען“.

כאָטש קיין נאָמען פון דעם „איינעם“ ווערט ניט דערמאָנט, דאָך קענען מיר זיך לייכט אָנשטויסען, ווער דיעזער „איינער“ איז, ווייל מיר האָבען זעהר וועניג פון זיין מין.

אלזאָ, דורך דיזען „איינעם“ איז „פערמעגליכט געוואָרען דער ערשטער טריט“. דורך וועמען וועלען געמאַכט ווערען די ווייטערע טריט? מיר זיינען זיכער, דאָס ווידער דורך דעמזעלבען „איינעם“. אויב ניט, דאַן איז אויס ביוראָ! און אָט אויף די צופעליגע גוטסקייט פון איין מענשען איז אָנגעוויזען די אידישע ערציהונג — די צוקונפט פון יונגען אידישען דור.

דאָס גופא איז שוין אויך גאָר ניט פרעהליך. און אויסער דעם איז דיזער איינציגער מענש ניט גלאַט אַ נדבה־געבער — ער האָט זיך זיינע מיינונגען, זיינע איבערצייגונגען, וואָס האַרמאָנירען גאָר ניט מיט די מיינונגען און מיט די איבערצייגונגען פון פערשיעדענע קלאַסען פון דער אידישער בעפעלקערונג, און אָט דיזער איינציגער מאַן האַלט גראָדע זעהר שטאַרק פון דעם כלל, אז ווער עס גיט די מטבע, דער האָט די גאַנצע דעה.

פרעגט זיך אָבער, ווי אזוי קען די ערציהונג פון 250 טויזענד אידישע קינדער אין ניו יאָרק (לויט דער אויספאָרשונג פון דר. ש. בענדערלי) אָדער, נאָך דעמזעלבען חשבון, אַ האַלבער מיליאָן אין די פעראייניגטע שטאַאטען,

*) Aims and Activities of the Bureau of Education of the Jewish Community of New York City, by Dr. S. Benderly, Director, 1912.

פאַרמירט ווערען לויט דעם וואונש און איבערצייגונגען פון איין מענשען, אָדער אפילו פון א קליינער גרופּע? און צווייטענס, ווען דאָס זאָל זיך אפילו איינגעבען, דורך נסים אָדער טריקס, וואָלט דאָס ניט געוועזען דאָס גרעסטע פערברעכען געגען דעם פאָלק, וואָס האָט דארויף קיין הסכמה לכתחילה ניט געגעבען און וועט וואהרשיינליך אויך קיינמאָל ניט געבען?

וואָלט ניט געווען גלייכער, אז די עלטערן זאָלען אויך האָבען א דעה, און טאַקע א גרויסע דעה, אין די פראַגען, ווי אזוי און אין וואָס פאַר א גייסט זייערע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען? עס וואָלט שוין בעסער געווען, אז דאָס פאָלק זאָל טהאָן, וואָס עס וויל און ווי אזוי עס פערשטעהט אין דעם ענין פון ערציהונג: זאָלען ארטאָדאָקסען ערציהען זייערע קינדער אין זייער גייסט, ראַדיקאַלען — אין זייערען, נאַציאָנאַליסטען — אין זייערען, רעפאָרמער — אין זייערען א. ז. וו. דאָס לעבען וועט צייגען, ווער פון זיי איז שטאַרקער און קאָנסעקווענטער און דאָס וועט זיין אמת און נאַטירליך.

דער תירוץ איז אָבער, דאָס די יעניגע העררען, וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען און אָנגעפאַנגען די אַרבייט, איגנאָרירען דעם פאָלק׳ס ווילען, אָדער לייקענען אין גאַנצען אָב זיין עקזיסטענץ. כאָטש, אז מען האָרך, היילען זיי זיך אונטער און צייגען באַלד אָן אויף דעם דאָזיגען ווילען. אָבער אין דער אמת׳ן איז ער מעהר ניט ווי סוראַגאַט, א „במקום“ פון זייער אייגענעם ווילען.

און איצט לאָמיר בעטראַכטען די אַרבייט פון דער “ביורא“ אין פּרטים.

צווישען די פערשיעדענע אבטיילונגען אין דעם אָפיס פון דער ביורא זיינען פאַראַן א טעקסט־בוך אָבטיילונג, אן אָבטיילונג פון „עקסטענשאָן“־אַרבייט, פון פאָרבערייטונג־שולען און א לעהרער־אָבטיילונג, אויף וועלכע מיר וועלען זיך דאָ אָבשטעלען און בעטראַכטען. נור פריהער א סך הכל אין קורצען פון איהרע ביז איצט געטהאָנענע אַרבייטען.

1) די ביורא האָט אויסגעפאָרשט דאָס אַרבייטס־פעלד פון אידישער ערציהונג. די רעזולטאַטען זיינען: א גענויע סאַטטיסטיק פון דער צאָהל קינדער פון סקוהל־עלטער (בערך 250 טויזענד אין גרייטער ניו יאָרק), פינאַנציעלע און אַלגעמיינע סטאַטוטען פון די אידישע רעליגיעזע לעהר־שולען אין ניו יאָרק און א מעהר אָדער ווייניגער גענויע אונטערזוכונג וועגען דער לאַגע פון די העברעאישע לעהרער (איניגע הונדערט אין גרייטער נ. י.), זייערע מאַטעריעלע נויטען און אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען.

2) די ביורא איז געקומען אין פערבינדונג מיט אייניגע פון די גרעסטע תלמוד תורות אין נ. י. די רעזולטאַטען זיינען: א פערבעסערונג פון זייער פינאַנציעלען מצב, העכערונג פון די שכירות פאַר די לעהרער און מעהר אָרדנונג אין דעם סדר פון לערנען און דיסציפּלין. דער כאַאָס, וואָס האָט פריהער געהערשט אויף א שטוינענדען אופן, איז א רעכט ביסעל אָבגעשאַפט געוואָרען.

3) די ביורא האָט אָרגאַניזירט פּרעפּעראַטאָרי סקוהלס (פאָרבערייטונגס־שולען) פאַר עטליכע הונדערט מיידלעך, פעראינטערעסירט א געוויסע צאָהל יונגע לייט צווישען אידישען שטודענטעטום אין נ. י. אין דער פראַגע פון אידישער ערציהונג; מאַנכע פון די סטודענטען האָבען דערביי געקראָגען בעשעפטיגונג, וואָס עס גיט זיי די מעגליכקייט צו ענדיגען זייער שטודיום.

4) די ביורא האָט געשאַפען לעהר־ביכער פאַר די ערשטע צוויי־דריי לעהר־יאָהרען אין דער אידישער סקוהל.

5) די ביורא האָט געטהאָן דורך געניטע מענשען א היבשע ביסעל ביבליאָגראַפישע אַרבייט אויף דעם פעלד פון אידישער פעדאַגאָגיק.

נון, די אַלע זאַכען זיינען אָהן צווייפעל לויבענסווערט און די ביורא פערדיענט דערפאַר פיעל קרעדיט.

אָבער די אַלע זאַכען זיינען דאָך מעהר ניט ווי מיטלען צום ציעל. ווי גוט זיי זאָלען ניט זיין אַן און פאַר זיך, מוזען מיר אַלץ שטעלען די פראַגע: וואָס איז דער ציעל? סטאַנדאַרדיזירען, אָדער יוניפאָרמירען די ערציהונג פון אידישע קינדער, מיט אַנדערע ווערטער, דאָס די ערציהונג פון פערשיעדענע קלאַסען אידישע קינדער זאָל טראָגען איין כאַראַקטער, און דאָס כאַראַקטער זאָל געבען די ביורא, וואָס ווערט געפיהרט פון איין מענשען. וואָס דאָס בעדייט, האָבען מיר געזעהן פריהער.

מיר וועלען אַנאַליזירען די אַרבייט פון דער ביורא אין אייניגע פון די דערמאָהנטע אָבטיילונגען און מיר גלויבען, אז פאַר׳ן לעזער וועט קלאָרער ווערען איהר וועג, ווי זי געהט אָן מיט דער אַרבייט און אויף די שעדליכע פאָלגען וואָס מען קען דערביי ערוואַרטען אין דער נאָהענטער צוקונפט.

„ביז מיט א צוואַנציג יאָהר צוריק“ — זאָגט דער פערפאַסער פון דער אויבענדערמאָהנטער בראָשור — „זיינען די אידישע לעהר־ביכער בעשטאַנען פון סדור התפלות, פון דער ביבעל און פון פערשיעדענע טראַקטאַטען פון דעם תלמוד. די מעהרסטע לעהרער האָבען זיך ניט גערעכענט דערמיט, וואָס דיזע ביכער זיינען ניט געשריעבען געוואָרען פאַר קינדער. נאָכדעם

ווי די אידישע סקוהל איז ארוים פון אונטער 'עם שלייער פון דער פּאַרציייטיגער אידישער כּביבה, זיינען איהרע חסרונות ענטפּלעקט גע-וואָרען. עס איז קלאָר געוואָרען, דאָס עס איז בכלל ניטאָ קיין לעהר־ביכער פאַר א אידישער שוהלע. און מען האָט זיך גענומען צו דער ארבייט פון שאַפען נייע ביכער. ביי היינטי-גען טאָג זיינען פאַרהאַן אויף דעם אידישען ביכער־מאַרק ארום צוויי הונדערט לעהר־ביכער. אָבער אזוי ווי קיינע פון דיזע לעהר־ביכער — זאָגט ווייטער דער פיהרער פון דער „ביוראָ" — טייגען ניט בכלל, צוליעב דעם, וואָס זייערע אויטאָרען זיינען ניט קאָמפּעטענט גענוג, און פאַר אַמעריקאַנישע אידישע קינדער בפרט, צו-ליעב דעם, וואָס זיי זיינען ניט שעהן געדרוקט. ניט גוט געבונדען, און הויפּטזעכליך, ניט גוט צונויפגעשטעלט — דארום האָט זיך די ביוראָ פון דאָס ניי גענומען צו דער ארבייט פון שאַ-פען לעהר־ביכער".

און די „ביוראָ" האָט א טעקסט־בוך דע-פּאַרטמענט. דאָס הייסט, אין אנדערע ווערטער, א שאַפּ, וואו עס ווערט פּאַבריצירט אָדער אי-בערגעארבייט דער גייסטיגער שטאָף, וואָס דאַרף, לויט דער מיינונג פון דער „ביוראָ", אריינגעוועבט ווערען אין די נשמות פון דעם נייעם אידישען דור.

אַלזאָ, „דער סדור און די ביבעל" — ווי עס איז אקאָרשט ציטירט געוואָרען — „זיינען נעוועזן אמאָל די לעהר־ביכער פון דער אידישער סקוהל". וואָס טהוט אָבער דער טעקסט־בוך דעפּאַרטמענט? ער מאַכט ביכער, וועלכע ווע-רען שעהן געדרוקט און שטאַרק געבונדען (גרויסע מעלות, אָהן צווייפעל) און אין זיי איז — ווייסט איהר וואָס? שטיקלעך סדור מיט ברעקלעך ביבעל. נו, וואָס זאָגט איהר, נישט א געוואַלדיגע רעפאָרם פון סאַמע וואָר-צעל און אין אויגען־שטעכענדער חלוק צווישען היינט און פאַר צוואַנציג יאָהרען?... און דיזע ארבייט ווערט ניט געטהאָן דורך סתם אזוי זיך טאַנדעטניקעס, לעהרערס*) נור דורך מומחים, גרויסע לייט, וועלכע זיינען ניט קיין לעהרער, חלילה, וועלכע זיינען קיינמאָל קיין לעהרער ניט געוועזען. זיי האַלטען, דאָס דער עיקר איז צו פערשטעהן וואָס א לעהרער דאַרף זיין. זיי זיינען דאָך עפּ"י הטבע פאַר-שער פון „דזשודאאיזם", און ניט אומזיסט פיה-לען זיי אזוי שטאַרק אויף זיך די שווערע לאַסט פון א „גאָטלאָזען" דור. דאָס פעלד איז גרויס. ווער פון זיי האָט געדולד אריינצו-לאָזען זיך אין פערשיעדענע פילאָזאָפישע חקירות אָדער ארכעאָלאָגישע אונטערזוכונגען, און ווער פון זיי נעהמט זיך גאָר צו שאַפען לעהר־ביכלעך פאַר קינדער.

פון דעם פּעדאַגאָגישען שטאַנדפּונקט זיי-נען די ביכלעך, וואָס זיינען ביז היינט געשאַפען געוואָרען פון דער „ביוראָ", ניט ווערטה צו פערליערען איבער זיי א וואָרט פון קריטיק. מיר האָבען נאָך ניט געהערט פון קיין איינעם פון די לעהרער, וואָס בענוצען זיך מיט זיי, קיין גוטע מיינונג. אָבער די לעהרער, ווער זיינען זיי, משטיינס געזאָגט! דיזע ווערען אין גאַנ-צען איגנאָרירט פון די הערערן פון דער „ביוראָ". דיזע זיינען א סטאַדע פון ניט „דיפּלאָמירטע" און ממילא, איז זיי אין גאַנצען פרעמד די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַמעריקאַנישען קינד. מען דאַרף אַלזאָ האָבען לעהרער פון א נייען טיפּ.

און דאָ קומען מיר צו א צווייטער אָבטיי-לונג פון דער ביוראָ, דאָס איז: די פּרעפּערע-טאָרי סקוהלס — די פּאַרבערייטונגס־שולען.

יעדער רעכט־דענקענדער לעזער וועט פער-שטעהן, דאָס דיזער ארטיקעל ווערט ניט גע-שריבען צוליעב וועלכע ניט איז פּערזענליכע פּניות און ציעלט ניט צו שאַפען אנטאַגאָניזם צווישען לעהרער אָדער וועמען ניט איז און דער „ביוראָ". וואָס מיר זיינען דאָ אויסען איז, צו געבען אן עהרליכע, ריכטיגע אבשאַצונג פון דער „ביוראָ'ס" ארבייט און שטרעבען בנוגע אידישע ערציהונג. מיר קענען זיך ניט העל-פען. עס הענגט ניט אָב פון אונזער ווילען צו מאַכען די קריטיק קאָנסטרוקטיוו אָדער צער-שטערענד... מיר דענקען, דאָס ס ט א נ ד א ר ד י ז י ר ע ן ד י א י ד י ש ע ע ר צ י ה ו נ ג ה י י ס ט ז י צ ו מ אָ נ אָ פּ אָ ל י ז י ר ע ן, און דאָס איז, ווי געזאָגט, א י א ן א ו נ מ ע ג ל י כ ק י י ט, א י א ן ע ו ל ה.

און איצט צו דער ווייטערער אנאַליזע.

די „ביוראָ" קאָנטראָלירט איינינע פּרע-פּעראַטאָרי סקוהלס פאַר אידישע מיידלעך, די צאָהל פון וועלכע עס גרייכט עטליכע הונדערט, און זי דענקט וואָס ווייטער אלץ מעהר צו פער-גרעסערען די צאָהל פון אזוינע סקוהלס, אויב נור עס וועט זיך לאָזען. דאַכט זיך פון אויבען אויף זעהר און זעהר א שעהנע אידעע. וואָס נאָך פאַר א פאָלק האָט אזוי פערזעהען די ער-ציהונג פון זיינע טעכטער ווי דאָס אידישע? „נשים פטורות מן המצוות" איז זיך א גע-וועהנליכע זאַך. „המלמד את בתו תורה כאילו מלמדה תפלות" — דיזער מאמר איז דורכגע-פיהרט געוואָרען ביי אידען דורך זייער גאַנצען גלות ביז צו דער לעצטער מדרגה.

און די מיידלעך־שוהלען פון דער „ביוראָ" ציעלען צו א גאַנץ אנדער זאַך, איז תוך גענומען,

---

*) עס איז כדאי צו בעמערקען, דאָס אַלע העברעאישע לעהר־ביכער ביז איצט זיינען און ווע-רען געשאַפען נור דורך לעהרער.

א פיעל גרעסערע אין מאסשטאב, ווי די געוועהנליכע אידישע ערציהונג. און דאָס איז, מאַכען זיי פאר לעהרערינס. אזוי ווי די „ביורא“ האָפט מיט דער צייט איינצונעהמען דאָס גאַנצע ערציהונג־פעלד און האָפט צו פערשפרייטען איהרע פליגלען אויף אַלע 250 טויזענד אידישע סקוהל קינדער אין נ. י. און פיעלייכט אויף דעם גאַנצען האלבען מיליאָן אין די פעראייניגטע שטאַאטען, און דערצו וועט מען דאָך דארפען היבשע עטליכע טויזענד לעהרער, דארום האָט זיך די „ביוראָ“ גענומען צו דער אַרבייט פון מאַכען לעהרער. דערצו נאָך „טריינט“ זי א געוויסע צאהל קאללעדזש יונגע־לייט אין דער מלאכה. מיט דיעזע געהט, געוועהנליך, אַן די אַרבייט גרינגער, ווייל די חכמה פון פעדאַגאָגיק און די אַלע אַנדערע ידיעות בעקומען זיי דאָך ביי די גוים. וואָס זיי פעהלט נור איז לשון קדש. לערנט מען זיי דאָס אויס אין עטליכע ווינטער נעכט, אָדער אין די מאָרגען שטונדען צווישען עלית השחר און לויפען אין קאללעדזש, און די פראַגע פון לעהרער ווערט געלייזט. בנוגע צו די מיידלעך זיינען דאָרטען אויך נישט אבי ווער. די מייסטע זיינען שיהלערינס פון היי־סקוהל. זיי וועט עס געדויערן א צוויי־דריי יאָהר און א גאַנצע מחנה מיט איין מאָל וועלען פערפלייצען דעם אידישען לעהרער מארק, וואָס איז איצט וויסט און לעער, נישט צו קריגען איינעם פאר א רפואה.

דאָך צוייפלען מיר, צי דיעזע לעהרער אָדער לעהרערינס וועלען קענען גובר זיין אפילו דעם פון דער „ביורא“ בעשטימטען קאריקולום פאַר קינדער, די שטיקלעך „סדור“ מיט די ברעקלעך ביבעל, סיידען זיי זאָלען צודרוקען ביי דער זייט די ענגלישע איבערזעצונג צום טעקסט. אַליין זאָגט דער פיהרער פון דער „ביורא“ אין דעם פאראגראַף „די נויטיגקייט פון א פראָפעסיאָנעלען דיפּלאָמירטען לעהרער סטעף“, דאָס דער אידישער לעהרער מוז אין א געוויסער מאָס שטעהען אפילו העכער פון א גוטען פאָבליק סקוהל לעהרער. פון וואנעט זשע נעמט זיך די אידעע און דער פערלאנג צו „מאַכען“ אידישע לעהרער אין אַזאַ קורצער צייט ? וועט מען זאָגען, דאָס פאר אנפאנגער, קינדער פון דעם ערשטען אָדער צווייטען יאָהר לערנען, דארף מען נישט האָבען קיין טיעפע ידיעות. פרעגט זיך, ווארום יעדע לעהרערין אין פאבליק סקוהל, וועלכע שטעהט און ערקלעהרט פאר אנפאנגער די ערשטע כללים פון אריטמעטיק, אָדער לערנט דעם קינד לעזען „קעט“, „רעט“, זאָל האָבען בעזוכט זיעבען יאָהר די פאבליק סקוהל, פיער יאָהר היי סקוהל און צוויי יאָהר טריינינג סקוהל ?

אָבער ווער קען פערשטעהן די אידעען און וועגען פון דעם אויבערשטען פון די אויבערשטע —פון דעם „סופּיריאָר“ !

איין זאַך, וועלכע איז ווירקליך זאָנדערבארער פון אַלע אַנדערע, מוז ארויסרופען א פראַגע ביי די וועלכע זיינען גענויער בעקאַנט מיט דער אַרבייט פון דער „ביורא“ און איהרע אנפיהרער. די „ביורא“, ווי געזאָגט, שטיצט זיך מאַטעריעל אין גאנצען אויף דער הילף פון איינינע געצעהלטע, אָדער אַ קליינע גרופּע פערזאָנען, וועלכע זיינען נישט נור ווייט פון ציוניזם, נאָר וועמענס מיינונגען וועגען אידישען נאַציאָנאַליזמוס אין אַלגעמיין זיינען אלעמען בעקאַנט אַלס אסימילאטאָרישע. דאָך איהרע טהעטיגסטע אנפיהרער און ארבייטער זיינען אויסגעשפּראָכענע ציוניסטען, און פּראָמינענט אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. ווי אַזוי קענען דיעזע צוויי געגענגעזעצטע און אנטאגאניסטישע עלעמענטען אַרבייטען צוזאמען און געהן האַנד אין האַנד ? איז דאָס א שפּיעל אין „בעהעלטענים“, אין שמוגלעריי ?

דער תירוץ מוז אַלזאָ זיין דער: די געלד־געבער גיבען טאַקע ניט גלאַט אזוי אין דער וועלט אַריין, נור זיי ווייסען קלאהר און דייטליך אויף וואָס זיי גיעבען און וואָס זיי פערלאנגען. אָבער די פיהרער און ארבייטער זיינען גלאַט פּראָבלעמען זוכער, און די גאַנצע זאַך איז פאַר זיי אַ שפּיעל פון פּראָבלעמען־זוכעריי. זיי זיינען דאָך פון נאַטור פאָרשער, חוקרים. על כן וואָס איז דער חלוק וואו מען זוכט און וואָס מען זוכט ? מען דארף אַרבייטען, און פּראָבלעמען וועט שוין גאָט צושיקען. טהוט מען עקסטענשאָן אַרבייט, די אַרבייט, יענע אַרבייט. די עקסטענשאָן, דאָס א מין קטניות, רחמנא לצלן, און דער וואָס וויל דערפון הנאה האָבען זאָל זיך מטריח זיין א זונטאג מאָרגען און בעזוכען דעם „אדעאן“ טהעאַטער אויף קלינטאָן סט.

איינער פון די זאָנדערבאַרע איינפעלע פון דער „ביורא“ איז געוועזן אויפצושטעלען אַ „באָארד אָף לייסענס“, פאַר וועלכע די כלומרש׳טע, צרה׳דיגע לעהרער, וועלכע רוסלאנד און פאַלעסטינא האָבען טראנספּאָרטירט אהער, זאָלען ערשיינען צום עקזאמען און בעקומען אַ לייסענס, אַ „דיפּלאָמא“ הייסט עס.

לעהרער, וועלכע האָבען זייערע ציין אויפגעגעסען אין דעם תנ״ך, אין תלמוד, אין העברעאישען דקדוק, אָדער וועלכע האָבען זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור פון סמאלענסקין און גאָרדאָן ביז אחד העם און ביאַליק, דארפען יעצט געהן צום „עקזאמען“ אום צו קענען „הענדלען“ דעם „נייגעשאַפענעם קאַריקולום פון דער ביוראָ, שטיקלעך „סדור“ מיט ברעקלעך „בייבעל“. איז דאָס נישט אַ בייזע איראָניע פון דעם שיקזאַל פון דעם העברעאישען לעהרער, ביי וועלכען דער וועג אין לעבען איז כלל נישט בעשאָטען מיט רויזען ?

נאָר אום אויפצוהאַלטען דעם „דזשודאַאיזם“ איז אַלעם כדאי.

ה. רויזענבלאט

פריהלינג גלעקלעך

(אינגעלעך און מיידעלעך א מתנה)

1.

לעצטע שנעע־פליטערלעך.

ווייסע שטיקלעך וואטע,
גרינג ווי פוך און ווייך,
ברענגט דער ווינד צושלעפּען
ערגעץ פון דער הויך.
לעצטע שנעען
גרינג צוגעהען
און פון בלויען קלארען הימעל
גיט א העלער שטראהל א בלישטשע
און פון וואלד דער ערשטער פויגעל
טוט פאר שמחה ווילד א סווישטשע —
אוים, אן עק!
פעטער שנעער
פאהרט אוועק.

פעטער שנעער פאקט זיך,
פאקט זיך אהן לצנות.
שפּאנט־זשע איין איהר, קינדער,
שווארצע פּיער וואראנעס
אין א סארע
שטיקעל כמארע
און א יעדערער בעזונדער
טשעפּעט אן א ליליען־גלעקעל.
לייצעס — גאלדנע זונען־שטראהלען —
און א בייטש — א פיילכען־שטעקעל.
און אן עק!
פעטער שנעער
פאהרט אוועק.

קייך־הוסט, סקארלאטינע —
גיט איהם מיט די פעקלעך!
היידא! — — — הערט ווי ס'קלינגען
שעהן די ליליען־גלעקלעך,
ווי זיי קלינגען,
ווי זיי זינגען,
ווי דער רייט־וואגען דארט הודיעט
פּייער־פלאם!... אזש פונקען שפּריצען!
מאכט־זשע, קינדערלעך, א ברכה: — — — —
ערשטע דונערען און בליצען.
אוים, אן עק!
פעטער שנעער
איז אוועק.

2.

יונגע בליטהען.

פריהלינג, פריהלינג...
בלוי און גרין...
אין דעם רויז־קוסט
שפּיעלט די ביען.

אויף א גרעזעל
פלינק און גרינג
טאנצט און גלאנצט
דער שמעטערלינג.

פריהלינג, פריהלינג...
גרין און בלוי...
און די ליליע
פול מיט טהוי.

„ווער וועט טרינקען?
ענטפערט גיך!"
— „טרינקען וועט דער
שטראהל און איך!"

פריהלינג, פריהלינג...
ווייס און ראז...
רוהיג ווינטעל,
שטילער בלאז!

רעגען־שטורעם,
ווארט נאך, ווארט!
יונג איז דאך דער
צוויעט און צארט...

פריהלינג, פריהלינג...
אינגעל, זעהסט?
אויף דעם שפּיץ פון
בוים א נעסט.

ס'איז דעם קוקוק'ס
און ער מאכט:
„קו־קו־ ־ ־ קו־קו ־ ־ ־"
טאג און נאכט.

„קו־קו־ ־ קו־קו־ ־ ־ ו ־ ־ ־ ו ־ ־ ־ ־ ה,
טשיר־ ־ טשיר־ ־ טשירור ־ ־"
ווייסט? דאס מיינט:
„גוט מארגען דיר".

„טזויה־ ־ טזויה־ ־ טוואו־ו ־ ־ ו"
ענטפער נאר!
דאס וועט מיינען:
„א גוט יאהר".

„קו־קו־ ־ קו־קו־ ־ ־ ו ־ ־ ־ ו ־ ־ ־ ־ ו,
טשיר־טזויה־טוואו־ ־ ו ־ ־ ־!"
און די גריל — זי
פּייקעלט צו.

ז'אויף א בלימעל
פלינק און גרינג
טאנצט און גלאנצט
דער שמעטערלינג.

דר. ז. ק.

דער קאמפף געגען ארבייטסלאזיגקייט

די ערשטע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער אינטערנאציאנאלער געזעלשאפט צו קעמפפען געגען ארבייטסלאזיגקייט איז פארגעקומען אין גענט (בעלגיען) מיט א קורצער צייט צוריק. די געזעלשאפט איז נאך גאר א יונגע. זי איז געגרינדעט געווארען אין 1910, אין פאריז, אויף דער קאנפערענץ, וואס די פראנצויזישע רעגיערונג האט פעררופען. דאס איז שוין די דריטע אינטערנאציאנאלע געזעלשאפט, וואס איהר ציעל איז צו שאפען הילפע פאר דעם ארבייטער. די ערשטע צוויי זיינען: די געזעלשאפט פאר סאציאלע פערזיכערונג און די געזעלשאפט פאר ארבייטער געזעצגעבונג. און עס איז קלאר, אז די ערשטע צוויי נעהמען אויך אריין דעם קאמפף געגען ארבייטסלאזיגקייט און די גרינדער פון דער נייער געזעלשאפט האבען דערפאר טאקע שטארק געצווייפעלט צי וועט זיך זיי איינגעבען דאס, וואס זיי האבען זיך פארגענומען. און זיי האבען געגרינדעט די געזעלשאפט אויף פראבע, פארלויפיג אויף דריי יאהר, צו זעהן, ווי עס וועלען זיך פערהאלטען די טהוער פון די צוויי עלטערע געזעלשאפטען. אבער דער ערפאלג איז געווען איבערראשענד. די נייע געזעלשאפט איז געקומען אין רעכטער צייט: דער קאמפף געגען ארבייטסלאזיגקייט שטעהט איצט אויף דער טאגעסארדנונג פון אלע ציוויליזירטע לענדער פון אייראפא און אמעריקא. גאנצע מלוכות און איינצעלנע שטאאטען, שטאדט־פערוואלטונגען, ארבייטס־בערזען, פערבאנדען פון בעלי בתים און ארבייטער־פעראיינען, חברות פון געלעהרטע האבען זיך געאיילט צו פערשרייבען אלס מיטגליעדער פון דער ניי־געגרינדעטער געזעלשאפט. געלד האט גענומען אנקומען אין דער קאסע פון פערשיעדענע אנשטאלטען און פריוואטע פערזאנען. און די געזעלשאפט איז צוגעטראטען צו איהר ערשטער ארבייט — ארויסצוגעבען וויסענשאפטליכע ביולעטענס. יעדער ביולעטען גיט זיך אב מיט איין פראגע. אזוי איינער, צ. ב. ש., מיט פערזיכערונג געגען ארבייטסלאזיגקייט, א צווייטער — ארבייטס־בערזען, א דריטער — סטאטיסטיק פון ארבייטסלאזיגקייט, פאך־בילדונג א. ז. וו. אלס פרעזידענט פון דער געזעלשאפט איז ערוועהלט געווארען דער געוועזענער פראנצויזישער מיניסטער־פרעזידענט — לעאן בורזשוא; אלס סעקרעטער — דער ערפינדער פון דער בעריהמטער גענטער סיסטעמע פון ארבייטסלאזען־פערזיכערונג — דער בעלגישער אדוואקאט ל. ווארלע. (וועגען דער גענטער סיסטעמע וועלען מיר באלד ריידען); אלס טרעזשורער — דער בעלגישער סאציאליסטישער דעפוטאט און טהוער אין קאאפעראציאן, ע. אנסעל; פאר'ן רעדאקטאר פון די וויסענשאפטליכע אויסגאבען פון דער געזעלשאפט איז בעשטימט געווארען דער געלעהרטער עקאנאם מ. לאזאר.

אויפ'ן קאנגרעס זיינען געווען פערטראטען פערשיעדענע לענדער. די דעלעגאטען זיינען געקומען צום קאנגרעס פעראייניגט אין נאציאנאלע סעקציעס. אייניגע זיינען אויפ'ן קאנגרעס געשאפען געווארען. אזעלכע סעקציעס זיינען איצט פארהאן 17. אינטערעסאנט, דאס פון רוסלאנד האבען אויך געזאלט קומען דעלעגאטען, זיינען זיי ערגעץ אויפ'ן וועג געבליעבען שטעקען.

ווי מיר האבען געזעהן, איז דער אינטערעס צו דער נייער געזעלשאפט געוואלדיג גרויס. און די אורזאכע איז א פשוטע: עס קומט אן א קריזיס, א וועלט־קריזיס. סימנים ווייזען זיך שוין איבעראל און נאהענט איז די צייט, ווען ער וועט אננעהמען גאר א שארפען כאראקטער.

ארבייטסלאזיגקייט געהט צוזאמען מיט'ן קאפיטאליזם. צוערשט האבען די פראפעסיאנעלע פעראיינען געפרובט העלפען זייערע ארבייטסלאזע מיטגליעדער. יעדער פעראיין האט געזעהן זיין הויפט־פליכט אין דעם צו שאפען אן אונטערשטיצונגס־קאסע. די שטיצע איז געווען זעהר קנאפ, דאך וויפיעל עס איז פלעגט זי די נויט פון ארבייטסלאזען פערלייכטערען. אבער וואס ווייטער דער קאפיטאליזם האט זיך אנטוויקעלט, אלץ גרעסער איז געווארען די ארמיי ארבייטסלאזע. די פעראיינען זיינען שוין ניט געווען בכוח אויסצוהאלטען זייערע ארבייטסלאזע מיטגליעדער און, אגב, אין די פעראיינען איז אימער ארגאניזירט געווען בלויז א קליינער פראצענט פון דעם ארבייטער קלאס.

און עס בייט זיך דער כאַראַקטער פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט: פון א ספּעציעלער אַרבייטער־מכּה ווערט זי א געזעלשאַפטליכער אומגליק. די וואַקסענדע אַרבייטסלאָזע אַרמיי ווערט א פּיזישע געפאַהר פאַר דער געזעלשאַפט. און ניט בלויז דערמיט, וואָס די אַרבייטסלאָזע זיינען גרייט יעדע מינוט אויפצוהויבען א בונט געגען דער געזעלשאַפט, נור אויך דערמיט, וואָס צווישען זיי הויבען זיך אָן צו פערשפּרייטען פערשיעדענע קראַנקהייטען. די עפּידעמיען קומען צוזאַמען מיט דעם מאַסען־הונגער. און בעת די עפּידעמיען מאַכען אָן חורבנות צווישען די הונגעריגע שאַנעוון זיי אויך ניט די פערמעגליכע. דאָ קען שוין די געזעלשאַפט רוהיג ניט בלייבען. זי נעהמט זוכען מיטלען ווי צו ווערען זיך געגען אַרבייטסלאָזיגקייט. אָט אויף אַזאַ אופן איז די בורזשואַזע געזעלשאַפט געצוואונגען געוואָרען צו זאָרגען זיך וועגען די אַרבייטסלאָזע. דאָס איז א געצוואונגענע סימפּאַטיע צוליעב דער אייגענער זיכערקייט. די ערשטע צו דערשפּירען די געפאַהר זיינען, פערשטעהט זיך, די מוניציפּאַליטעטען, דאַן די פּראָווינץ־רעגיערונגען און צולעצט די נאַציאָנאַלע רעגיערונגען. איז דען א וואונדער וואָס די נייי־געגרינדעטע געזעלשאַפט האָט געפונען אזוי פיעל סימפּאַטיע? דורך איהר וועט מען קענען זאַמלען מאַטעריאַל, ציפערן וועגען דער אַרבייטסלאָזיגקייט, דורך איהר וועט איין מדינה זיך קענען טהיילען מיט איהרע ערפאַהרונגען מיט דער אַנדערער. און די ערשטע פערזאַמלונג האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט ווי בעשליעסען, אז די געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אויף פּראָבע, זאָל פערבלייבען אויף שטענדיג.

אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון גענטער קאָנגרעס זיינען געשטאַנען דריי פּונקטען. 1) זאָל די פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט זיין א פרייע אָדער געצוואונגענע? 2) ווי אם בעסטען צו אָרגאַניזירען אַרבייטס־ביוראָס — ביוראָס, וואָס שטעלען צו אַרבייט; 3) עמיגראַציע — אינלענדישע עמיגראַציע און עמיגראַציע קיין אויסלאַנד. דעם דריטען פּונקט האָט דער קאָנגרעס ניט בעוויזען צו פערהאַנדלען, אָבער רעפּאָרטען זיינען געלעזען געוואָרען, וואָס האָבען בעלויכטען די פראַגע פאָלשטענדיג און צו זיי וועלען מיר זיך איצט ווענדען.

די פראַגע פון עמיגראַציע האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע בעדייטונג. מיליאָנען אַרבייטער זיינען אין איהר פעראינטערעסירט. זיי נייטיגען זיך אין אויסקינפטע וועגען דעם אַרבייטס מאַרק און אַרבייטס בעדינגונגען אין די לענדער, וואוהין זיי עמיגרירען. קומענדיג אהין אָהן וויסען, אָהן ערפאַהרונג, שלאָגען זיי טאַקע אַרונטער די פּרייזען פון מאַנכע סאָרטען אַרבייט. אָבער ווען די עמיגראַציע וואָלט רעגולירט געוואָרען פון אָנהויב אָן, פון די לענדער, פון וואַנען די עמיגראַנטען לאָזען זיך ארויס, וואָס פאַר א געוואַלדיגע וואפע מיר וואָלטען געקראָגען אין קאַמפּף געגען אַרבייטסלאָזיגקייט! דער אַרבייטס מאַרק פון דער וועלט איז גרויס. אין דער לאַנד אַרבייט פּאָדערט זיך אָהן א שיעור הענד. די נייע לענדער, ווי אַרגענטינע, נעהמען אויף מיט אָפענע אַרעמס לאַנד־אַרבייטער, כאָטש אַגריקולטור־מאַשינען געפינען דאָרט אַלץ מעהר און מעהר אַנווענדונג. אין דייטשלאַנד איז מען ניט זעהר איבערקלייבעריש אין מיטלען אַריינצוקריגען די פּאָליאַקען אין די דערפער אין די זומער־סעזאָנען. אין פראַנקרייך זוכט מען ווי מיט ליכט לאַנד־אַרבייטער און קוילענגרעבער. אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנען זיינען ווילקאָמען!

די ערשטע איז געוועזן די איטאַליענישע רעגיערונג צו רעגולירען די עמיגראַציע פון איטאַליען. דער האַס צום איטאַליענישען אימיגראַנט אין אמעריקא האָט איהר געטריבען דערצו. דורך א רייה געזעצע האָט זי בעקומען דאָס רעכט אין גאַנצען אָבצושטעלען די עמיגראַציע וואָס געהט נאָך א געוויסען לאַנד, אויב אין יענעם לאַנד פיהלט זיך אַן איבערפלוס אין אַרבייטער, און אויך דאָס רעכט פאַנאַנדערצוטיילען די עמיגראַנטען צווישען פערשיעדענע לענדער לויט די צושטענדע פון זייערע אַרבייטס־מערק. דאָס אַלץ כדי דער איטאַליענישער אימיגראַנט זאָל ניט קומען אין קאָנפליקט מיט דעם אייגעבאָרענעם אַרבייטער. נאָך מעהר. אין די גרעסערע איטאַליענישע שטעדט זיינען געשאַפען געוואָרען אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָס, וואָס גיבען ניט נור אויסקינפטע וועגען די אַרבייטס־צושטענדע, נור אויך וועגען סטרייקס און לאָקאוטס. דער איטאַליענישער אַרבייטער זאָל ניט אַריינפאַלען אַלס סטרייקברעכער אין זיין נייער היים און דערמיט זיך פערהאַסט מאַכען ביי דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט.

ניט קיין קלענערע בעדייטונג האָט די אינלענדישע עמיגראַציע—די איבערוואַנדערונג פון אַרבייטער פון איין טייל לאַנד אין אַן אַנדער טייל. פריהער פון אַלץ מערקט זיך אַן אַלגעמיינע אויסוואַנדערונג פון דער דאָרפישער בעפעלקערונג אין די אינדוסטריעלע צענטרען. טייל וואַנדערן אוים אויף תמיד, טייל פּעריאָדיש, אויף בעשטימטע סעזאָן־אַרבייט, טייל אַרבייטען אַ גאַנצע וואָך אין שטאָדט און אויף זונטאַג קעהרען זיי זיך אום אַהיים, טייל פאָהרען אַהיים יעדען אבענד. אין בעלגיען איז מיט דיעזער סאָרט עמיגראַציע געמאַכט געוואָרען א מערקווירדיגער עקספּערימענט. עס האָט אויסגעפעהלט הענד אין די אינדוסטריעלע צענטרען, האָט מען ביליגער געמאַכט די אייזענבאַהן בילעטען פאַר די דאָרפס־אַרבייטער

וואָס קומען אין שטאָדט יעדען פריה־מאָרגען.

און פונקט אזוי ווי עס איז וויכטיג צו געבען אויסקינפטע דעם ארבייטער, וואָס רייזט אָב פון א שטאָדט, איז אויך וויכטיג צו געבען אויסקינפטע דעם ארבייטער, וואָס פערבלייבט. א גוט אָרגאניזירטער ארבייטס־ביורא האָט פיעל צו זאָגען אין קאמפף געגען ארבייטסלאָזיגקייט. דאָס אויסגעפינען ארבייט הענגט איצט אָב פון א צופאל: דער ארבייטסלאָזער וואנדערט פון פאבריק צו פאבריק און קען גערוד פערפעהלען דאָרט, וואו מען נויטיגט זיך אין איהם. די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען זיינען אין אלגעמיין ביז אהער ניט געוועזן זעהר ערפאָלגרייך אויף דיעזען געביעט. ערשטענס, נעהמען זיי ניט ארום די גאנצע ארבייטערשאפט, צווייטענס, ווערען זיי ניט אנערקענט פון פיעלע פאבריקאנטען, וועלכע ווילען ניט פרינציפיעל זיך ווענדען צו זיי נאָך ארבייטער. די פריוואט ביוראס זיינען נעסטען פון שוידערליכער עקספלאָאטאציע. דאָס קריגען ארבייט דורך זיי איז פערבונדען מיט פיעלע אונאנגענעהמליכקייטען פאר דעם ארבייטער. בלייבט, אלזאָ, אז די געזעלשאפטליכע מאכט זאָל זיך נעהמען אָרגאניזירען ארבייטס־ביוראָס. איז אָבער בעוויזען געוואָרען, אז די אָפיציעלע ביוראָס טויגען אויפ'ן פייער. זיי ליידען פון פאָרמאליזם און פערשלעפּענים. וואָס זשע טהוט מען?

אויפ'ן גענטער קאָנגרעס איז די פראַגע וועגען ארבייטס־ביוראָס זעהר לעבעדיג דיסקוטירט געוואָרען. די בעלגישע כאָציאַליסטען שטעהען דערפאר, אז צושטעלען ארבייטער איז די עובדה פון פראָפעסיאנעלען פעראיין. דער פעראיין דארף זיין פאר'ן ארבייטער אַלעס. נעהמט מען פון דעם פעראיין אוועק דאָס צושטעלען פון ארבייט, בערויבט מען איהם פון זיינע רעכטען. עס שיינט אָבער, אז ביי די דעלעגאטען האָבען מעהר אויסגענומען די דייטשע ארבייטס־בערזען, וואו עס זיינען פערטראָטען גלייך אויף גלייך די ארבייטער און די פאבריקאנטען. אויך די גענטער בערזע, פון וועלכער עס וועט באלד די רעדע זיין, ארבייט זעהר טיכטיג. מיט איהר בענוצען זיך רעגולער איבער 20 טויזענד ארבייטער.

אין דער דיסקוסיאָן האָבען אויך ניט געפעהלט קיין שטעכווערטלאך. די ארבייטער דעלעגאטען האָבען פאָרגעהאלטען די קאפיטאליסטישע דעלעגאטען, אז די אָפיציעלע רעגירונגס־ביוראָס פערהאלטען זיך פיעל פריינדליכער צום באָס, ווי צום ארבייטער. אויף דעם באָס פערלאָזט מען זיך, מען האָט צו איהם צוטרוי, און דער ארבייטער איז ביי זיי תמיד אונטער א חשד. דאָך איז פון אלע דעלעגאטען — סיי פון די „נייטראלע“ דעלעגאטען פון די געלעהרטע געזעלשאפטען, סיי פון די פערברענטע פערטיידיגער פון קאפיטאליסט'ס עהרע און גוטסקייט — איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען, אז די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָבען א רעכט צו זיין פערטראָטען אין דער פערוואלטונג פון די ארבייטס־ביוראָס. אָבער זיי האָבען בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין דערצו, אז די ביוראָס זאָלען ניט צושטעלען קיין ארבייטער אין פערסטרייקטע פלעצער. די ביוראס, הייסט עס, זיינען נייטראל, זיי איגנאָרירען די קאָנפליקטען צווישען קאפיטאל און ארבייט.

די רעגולירונג פון דער עמיגראציע און די אָרגאניזירונג פון ארבייטס ביוראס זיינען פון פיעלע דעלעגאטען בעטראכט געוואָרען אלס די הויפט מיטלען צו קעמפפען געגען ארבייטסלאָזיגקייט. זיי זיינען געשטעלט געוואָרען העכער אפילו פון סטראכירען דעם ארבייטער געגען ארבייטסלאָזיגקייט. ווי דער דעלעגאט פון די פראנצויזישע סינדיקאליסטען האָט זיך אויסגעדריקט: „לאָמיר בעסער פאָראויסהיטען ארבייטסלאָזיגקייט, אז דער ארבייטער זאָל גאָר ניט קומען דערצו, איידער פערזיכערן איהם מיט א טראפּעצקע הילף, נאָכדעם ווי ער וועט וואָכען־לאנג ארומגעהן ארבייטסלאָז“. דאָך האָט די פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט צוגעצויגען די הויפט־אויפמערקזאמקייט פון קאָנגרעס.

די פראַגע איז געוועזן, צי זאָל די פערזיכערונג געגען ארבייטסלאָזיגקייט זיין א געצוואונגענע אָדער א פרייוויליגע. פון דעם, ווי די פראגע זאָל געלעזט ווערן, הענגט פיעל אָב. די דיסקוסיאָן האָט זיך געדרעהט ארום דעם אויסגעצייכענטען רעפעראט פון דעם פאריזער פראָפעסאָר ע. פיוסטרא. ער האָט אויף דעם גרונד פון די בעריכטען פון די דעלעגאטען פון פערשיעדענע לענדער ארויסגעבראכט, אז איבעראל געהט דערצו, דער ארבייטער זאָל געצוואונגען ווערן צו פערזיכערן זיך און זיין פאמיליע אויף דעם פאל פון ארבייטסלאָזיגקייט.

די אידעע פון געזעלשאפטליכער הילף פאר די ארבייטסלאָזע, אין איהר פאָלשטענדיגער פאָרם, איז אויסגעארבייט געוואָרען אין גענט, בעלגיען. עס זיינען אויך פריהער געמאכט געוואָרען פערזיכערונגס פראָבען אין דער שווייץ און דייטשלאנד, אָבער קיין ערפאָלג האָבען זיי ניט געהאט. זייער ביישפיעל איז ניט געוועזן ערמונטערנד. די גענטער סיסטעמע אָבער האָט זיך אָנגענומען כמעט אין גאנץ בעלגיען, אין פערשיעדענע לענדער פון אייראָפּא און אמעריקא. זי איז זעהר איינפאך און פראקטיש. דער פרינציפּ איז אויפצומונטערן דעם ארבייטער צוצושטעהן צו א וועלכער עס איז פעראייניגונג: צו א פראָפעסיאָנעלען פעראיין, געזעלשאפט פאר געגענזייטיגער הילף, וועלכער עס איז פאָליטישער גרופּע אָדער אונפּארטייאישער אָרגאניזאציאָן. דער מיטעל

דערצו איז: די רעגיערונג דערלעגט דעם אַרבייטסלאָזען אונגעפעהר אַ דריטעל פון דער סומע, וואָס ער בעקומט אויסגעצאהלט פון די אָרגאַניזאַציאָנען, וואו ער בעלאַנגט. כמעט אַזוי פיעל בעקומט דער אַרבייטסלאָזער, ווען ער בעלאַנגט צו קיין אָרגאַניזאַציאָן ניט, וועלכער אָבער האָט אָבגעלעגט געלד אין דער שפּאַרקאַסע. פּאַקטיש שטעהט די זאַך אַזוי, אַז דער אַרבייטער, וואָס האָט קיין חשק ניט אַריינצוגעהן אין סינדיקאַט, האָט אויך קיין חשק ניט צו שפּאָרען. אויף אַזאַ פיעל דיענט די רעגיערונגס־סובסידיע צום צוועק פון אָרגאַניזאַציאָן. אין פערבינדונג מיט דעם געפינט זיך אַן אַרבייטס בערזע, וואו עס זיינען פערטראָטען גלייך אויף גלייך אַרבייטער און באָסעס. די בערזע פערנעהמט זיך ניט בלויז מיט שאַפען אַרבייט, נור זי קאָנטראָלירט אויף דעם אַרבייטסלאָזען, צי ער איז ווירקליך אַרבייטסלאָז, צי זוכט ער אַרבייט. דער אַרבייטסלאָזער מעלדעט זיך אין דער בערזע, גלייך פון ערשטען טאָג, ווי ער פערלירט זיין שטעלע. אַ חוץ דעם איז געשאַפען געוואָרען אַ קריזיס־פאָנד, פון וועלכען עס בעקומען הילפע אין דער צייט פון אַ קריזיס די יעניגע, וועלכע זיינען ניט פאָלשטענדיג אַרבייטסלאָז, וועלכע ליידען אָבער פון ניט גענוג אַרבייט.

דאָס איז די בעוואוסטע גענטער סיסטעמע. ווי איהר זעהט, די פערזיכערונג איז אַ פרייוויליגע, דער אַרבייטער ווערט ניט געטריבען דורך'ן געזעץ צו צאהלען בייטרעגע אין אַ פערזיכערונגס־קאַסע, ער ווערט נור אויפגעמונטערט דערצו.

און ניט קוקענדיג אויף די אַלע מעלות פון דער גענטער סיסטעמע האָט זי פערהעלטניסמעסיג זעהר ווענינ בעוויזען אויפצוטהאָן. די מעהרהייט פון די אַרבייטער וויל זיך פרייוויליג ניט פערזיכערן געגען צוקינפטיגער נויט און הונגער. והראיה: אין ענגלאַנד, איידער דער נייער אינשורענס־געזעץ איז אַריין אין קראַפט, האָבען אין אַ קריזיס פיער פינפטעל פון די אַרבייטסלאָזע געמוזט אָנקומען צו צדקה. און אין בעלגיען גופא זיינען אין 1910 פון דעם מיליאָן און אַ פערטעל אינדוסטריעלע אַרבייטער פערזיכערט געווען בלויז 216 טויזענד.

דאָס אַלעס האָט געבראַכט די געזעצגעבער אויף דעם געדאַנק, אַז אָהן דעם צוואַנג פון געזעץ וועט מען זיך דאָ ניט בעגעהן. און מען נעהמט זיך ביסלעכווייז אויף אַ נייעם וועג. אין דייטשלאַנד האַלט די רעגיערונג דערביי איינצופיהרען אַן אַלגעמיין גילטיגע פערזיכערונגס־סיסטעמע געגען אַרבייטסלאָזיגקייט צו די דריי פערזיכערונגס־סיסטעמען, וואָס פונקציאָנירען שוין (אויף'ן פאַל פון קראַנקהייט, אַרבייטסאונפעהיגקייט און עלטער). אין נעשאַטעל, שווייץ, דער צענטר פון זייגער־אינדוסטרי, פּראָיעקטירט די קאַנטאָנאַלע רעגיערונג אַ צוואַנג פערזיכערונג, דערווייל בלויז פאַר די זייגער־מאַכער און מעכאַניקער. און ענגלאַנד איז אַריבער פון פּראָיעקטען צו טהאַטען און האָט אין 1911 דורכגעפיהרט אַ צוואַנג־פערזיכערונגס געזעץ — דערווייל אַלס פּראָבע בלויז פאַר 7 אינדוסטריען. די אַרבייטער פון אַנדערע אינדוסטריען זיינען ניט פערפליכטעט צו זיין פערזיכערט, נור זיי קענען עס פרייוויליג טהאָן. דער נייער פערזיכערונגס־געזעץ איז גילטיג פון 15 יאַנואַר 1913. און דאָס יאָהר 1913 איז געווען זעהר גינסטיג פאַר'ן ענגלישען אַרבייטס־מאַרק. דערפאַר איז זעהר פריה צו אורטיילען וועגען די רעזולטאַטען. אָבער דער גאַנצער פערזיכערונגס־פּלאַן איז אויסגעאַרבייט לויט די סטאַטיסטישע טאַבעלען פון פאַר 20 יאָהר און אין דעם טייל, וואָס שייך צאָהלונגען און בענעפיטס, קאָן ער געענדערט ווערען יעדע 7 יאָהר.

די פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט איז בלויז אַ טייל פון דעם פערזיכערונגס־געזעץ, וואָס נעהמט אויך אַריין פערזיכערונג געגען קראַנקהייט און געגען אַרבייטס־אונפעהיגקייט. איבערהויפּט איז דאָס געזעץ זעהר ברייט געפאַסט. ווי אין דער גענטער־סיסטעמע, איז פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט פערבונדען מיט אַן אַרבייטס־בערזע, וועלכע האַלט קאָנטראָל איבער'ן אַרבייטסמאַרק און איבער'ן אַרבייטסלאָזען. די בערזע איז גענוי אינפאָרמירט וועגען דער גאַנצער נאַכפראַגע און אָנבאָט פון אַרבייט, און ביים פונאַנדערטיילען די אַרבייט בענוצט זי זיך מיט די מאָדערנסטע מיטלען — מיט'ן טעלעגראַף, טעלעפאָן און אויטאָמאָביל. דער אַרבייטסלאָזער איז פערפליכטעט אָנצונעהמען יעדע „פּאַסענדע" אַרבייט, וואָס די בערזע שלאָגט איהם פאָר. אָבער מען מוז געבען גערעכט דעם געזעץ. פּאַסענדע אַרבייט איז די, וועלכע איז ניט נידריגער אין אַלע הינזיכטען הן אין פּרייז, הן אין בעדינגונגען, פון דער אַרבייט, וואָס ער האָט פריהער געטהאָן. נאָך מעהר: די בערזע האָט אַ רעכט ניט אַרויסצוגעבען קיין הילף, ווען זי ווייס, אַז דער אַרבייטער שטעלט זיך אַרבייטען אויף ערגערע בעדינגונגען, ווי עס איז אָנגענומען אין פּלאַץ, וואו ער קומט אָן. דער אַרבייטער האָט אַ רעכט ניט צו פערנעהמען די פּלעצער פון סטרייקער אָדער פון די אָפּפער פון אַ לאָקאַוט — און דער פערזיכערונגס־פאָנד מוז איהם אויסצאהלען דעם בענעפיט. אפילו ווען דער אַרבייטער געהט אַרויס סטרייקען אויס סימפּאַטיע צו אַנדערע בעקומט ער זיין בענעפיט. דירעקט סטרייקער נאַטירליך ווערען ניט געהאָלפען פון דעם פערזיכערונגס־פאָנד.

דער פערוואַלטער פון פאָנד אין יעדען

פלאַן איז אַ בעשטימטער פון דער רעגיערונג. אויף זיינע בעשליסע קאָן מען אַפּעלירען צו אַ באָארד אָף אַרביטרייטאָרס, וועלכע בעשטעהט פון אַ גלייכע צאָהל אַרבייטער און באָסעס. די אַרביטרייטאָרס ווערן ערוועהלט פון די קאַנדידאַטען, וואָס דאָס האַנדעלס־מיניסטעריום בעשטימט. איבער דער באָארד שטעהט אַן אויבער אַרביטרייטאָר.

וואָס שייך צאָהלונגען און בענעפיטס, די פינאַנציעלע זייט פון פערזיכערונגס־געזעץ, וועלען מיר ברענגען פאָלגענדע ציפערן. דער אַרבייטער און דער באָס צאָהלען ביידע צו 2½ פענים וועכענטליך. די רעגיערונג לייגט צו אַ דריטעל פון דעם, וואָס זיי ביידע צאָהלען צוזאַמען. אין פאַל פון אַ דעפיציט, דעקט די רעגיערונג. די ערשטע וואָך בעקומט דער אַרבייטסלאָזער קיין הילפע ניט, פון דער צווייטער וואָך צו 7 שילינג. אויף יעדע וואָך הילפע מוז דער אַרבייטער האָבען פריהער געצאָהלט 5 וואָכען. מעהר ווי 15 וואָכען אין יאָהר קאָן דער אַרבייטער ניט ציהען קיין בענעפיט.

און אַ מעלה פון דעם ענגלישען פערזיכערונגס־געזעץ — דאָס איז דער פולער צוטרויען וואָס דער געזעץ האָט צו די אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען. דער פאָנד צאָהלט אויס די בענעפיטס צו די אַרבייטסלאָזע דורך די יוניאָנס, וואו דער בעטרעפענדער איז אַ מיטגליעד. דאָס איז גערעדט וועגען די אינדוסטריען, וואָס שטעהען אונטער דעם פערזיכערונגס־געזעץ. און אין פאַל פון אַן אינדוסטריע, וואו די אַרבייטער זיינען ניט פערפליכטעט זיך צו פערזיכערען, קעהרט דער פאָנד אום די יוניאָנס אַ זעקסטעל פון דעם, וואָס זיי גיבען אויס צו שטיצען זייערע אַרבייטסלאָזע מיטגליעדער. נאָך מעהר: דער פאָנד האַלט אָפען זיין קרעדיט פאַר יענע יוניאָנס, וואָס ווילען פרייוויליג איינפיהרען אַ רעגולערע פערזיכערונגס־סיסטעם. און ווען אַזאַ פערזיכערונג ווערט איינגעפיהרט, סובסידירט דער פאָנד די יוניאָנס, לויט דעם חשבון, אַז יעדער אַרבייטסלאָזער וואָס בעקומט פון זיין יוניאָן זיין פערזיכערונגס־בענעפיט, בעקומט דערלעגט פון פאָנד ביז 2 שילינג וועכענטליך. דיזעלבע סובסידיע קריגען אויך די יוניאָנס אין יענע אינדוסטריען, וואָס געהען יאָ אַרונטער אונטער דעם פערזיכערונגס־געזעץ, אין דעם פאַל, ווען זיי צאָהלען מעהר פון די בעשטימטע 7 שילינג לויט'ן געזעץ. די סובסידיע ווערט דאַן אויסגערעכענט פון דעם אונטערשיעד איבער די 7 שילינג. מיר זעהן, דאָס געזעץ זוכט צו ערמונטערען פרייוויליגע פערזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט אויף אַלע אופנים.

און צולעצט אַ פּאָאר בעלעהרענדע ציפערן: פאַר די ערשטע 4 מאָנאַטען, וואָס דאָס געזעץ איז אַריין אין קראַפט, זיינען 2441 טויזענד פערזיכערונגס־ביכלעך אַרויסגעגעבען געוואָרען — פון זיי 10 טויזענד צו פרויען, 100 טויזענד צו יונגע אַרבייטער פון 16 ביז 18 יאָהר. דער פאָנד איז אַריין אין אַן אָבמאַך מיט 104 יוניאָנס, וואָס בעשטעהען פון 6074 איינצעלנע לאָקאַלס און פערמאָגען 541 טויזענד מיטגל. סובסידיעס האָבען געבעטען 336 יוניאָנס מיט אַ מיטגליעדערשאַפט פון 1200 טויזענד, און בעקומען האָבען 271 יוניאָנס, פון זיי 169 יוניאָנס, וואָס האָבען איינגעפיהרט פערזיכערונג פרייוויליג. צוזאַמען, בענעפיט מיט סובסידיע, האָט דער פאָנד אויסגעצאָהלט 205 טויזענד פונט סטערלינג — וועניגער, ווי מען האָט זיך גערעכט. די צייט איז געווען זעהר אַ גינסטיגע. די דורכשניטליכע לענג פון דער „בעצאָהלטער" אַרבייטסלאָזיגקייט איז געוועזן עפּעס מעהר פון 8 טעג. דערביי האָט אויך זיכער מיטגעווירקט דער פאַקט, וואָס דער פאָנד האָט דורך אַ ספּעציעלען אָבמאַך געפּועלט ביי די אונטערנעהמער, זיי זאָלען אַזוי אָפט ניט בייטען זייערע אַרבייטער.

לאָמיר זיך נאָך אַמאָל אָבשטעלען אויף אַז אינטערעסאַנטער ציפער, וואָס מיר האָבען אויבען געבראַכט: 169 יוניאָנס האָבען בעקומען סובסידיע פון די, וואָס האָבען פרייוויליג איינגעפיהרט פערזיכערונג. דאָס הייסט, אַז דאָס געזעץ וועגען געצוואונגענער פערזיכערונג האָט ניט אָבגעטויט די פרייע איניציאַטיווע. און אַז דאָס וועט יאָ זיין דער פאַל, איז דאָך געווען די הויפּט טענה פון די געגנער פון געצוואונגענער פערזיכערונג.

אויפ'ן געגנער־קאָנגרעס זיינען אַלע דעלעגאַטען — געלעהרטע, טהוער, בעלי בתים, אַרבייטער, קאָנסערוואַטאָרען, ליבעראַלען, סאָציאַליסטען, סינדיקאַליסטען־אַנאַרכיסטען — אַלע זיינען געווען פאַר אַ צוואַנג־סיסטעם פון פערזיכערונג. בלויז איינער האָט זיך געפונען — אַ ליבעראַל פון אַלטען חדר — וועלכע האָט גע'טענה'ט, אַז מען מוז האָבען אַכטונג צו דער פערזענליכער פרייהייט פון אַרבייטסלאָזען, אַז מען טאָר ביי איהם ניט אַוועקנעהמען דאָס רעכט אויסצוגעהן מיט זיין פאַמיליע פון הונגער, ווען עס מאַכט זיך איהם אַ פּאַסענדע געלעגנהייט. דער גוטער, נאַאיווער ליבעראַליזם! אָבער איז ער אַזוי גוט און נאַאיוו?

י. אָפּאַטאָשו

אין וואַלד

אין עק ליפּאָווצער וואַלד, אויף אַ בערגעל, וואו דאָס דאָרף זאַוואַד האָט זיך אָנגעהויבען, איז געשטאַנען אַ שוואַרצע קרימליכע געביידע, געמאַכט פון פיער־עקיגע קלעצער. די קלעצער זייענען געווען צושפּאָלטען פון אַלטקייט און פערשמירט מיט ליים און בהמה־מיסט.

חיים שמיעד, אַ שווערער, אויסגעאַרבייטער איד מיט גרויסע ביינערנע קנאָכען, מיט רויטע פון פייער אויגען, מיט אַ צואַקערט פּנים, באַדעקט מיט סאַזשע, איז געשטאַנען אין דער קוזנע אין אַן אַלטען פערשימעלטען קאַפּעל מיט אַ לעדערנעם פאַרטוך. ער האָט געהאַלטען מיט אַ לאַנגע צוואַנג אַ צוגליהטע שטאַבע און מיט הנאה געקוקט ווי זיין זוהן שלמה, אַ נידריגער, ברייטביינינגער יונג אין אַ שוואַרץ העמדעל אָהן אַרבעל, האָט אויסגעהאַקט לעכער אין דעם אייזען.

אין דרויסען האָט חיים'ס עלטסטער זוהן לייזער, אַ בעווייבטער יונגערמאַן מיט עטליכע צוואָרפּענע האָר אויף דער גאָמבע, געשמיעדט אַ גניאַדען זשרעבאַק פּאָדקאָוועס. לייזער האָט געהאַלטען דעם זשרעבאַקס פוס צווישען זיינע און געשיילט מיט אַ דלאָטע אַ קאָפּיטע. דער פויער האָט צוגעהאַלטען דעם זשרעבאַק פאַר דער מאָרדע, איהם געגלעט, געגעבען ווייסע מייערען און דער זשרעבאַק האָט זיך געוואָרפען ווי אין קדחת. יעדע ווייל האָט ער אַ שטעל אויף געטהאָן די אויערען, אַ ריס דעם הינטערשטען פוס און זיך צוהירזשעט, עפּענענדיג ברייטער זיינע רויטע נאָז־לעכער.

חיימ'ס מוזשינעק לייבקע, אַ שוואַרץ אָבגעריסען אינגעל פון אַ יאָהר דרייצעהן מיט אַ פערריסען פּויליש נעזיל, איז געשטאַנען אין אַ זייט מיט עטליכע שקצים און זיי געוויזען אַ „שיסער". דער שיסער איז בעשטאַנען פון אַ גרויסען שליסעל. ביים שליסעל האָט געהאַנגען אַ לאַנג שטריקעל און ביים עק פון שטריקעל — אַ גרויסער טשוואָק מיט אַ פּלאַטשיקען שפּיץ.

— העי, חברה, האָט לייבעל זיך געווענדעט צו די שקצים קראַצענדיג בשעת מעשה דאָס רעכטע באָרפיסע פיסעל מיט'ן לינקען — ווער וויל קויפען אָט דעם שיסער ? נישט מעהר ווי פינף קאָפּיקעס, קוקט, דאָס איז איינמאָל אַ כלי ! מיט איין שאָס הרג'עט מען אַ וואָראָנע !

די שקצים האָבען דעם „שיסער" בעטראַכט, בעטאַפּט, נור קיינער האָט זיך נישט געאיילט צו קויפען.

— נו, דו, וואָלאַדעק, — האָט זיך לייבעל געווענדעט צום אָרגאַניסטער'ס שייגעץ — דו האָסט דאָך אַ רייכען טאַטע, פאַר וואָס קויפסטו נישט ?

— באַ — האָט וואָלאַדעק געענטפערט און זיך גענומען שיבערען זיין פלאַקסען קעפּיל — אפשר שיסט ער גאָר נישט. לאָמיך פריהער זעהען ווי ער שיסט !

. גלויבסט נישט — האָט לייבעל געענטפערט — אָט וועל איך באַלד שיסען. און אויב דו האָסט נישט דאָס גאַנצע געלד — האָט לייבעל ווייטער גערעדט — מאַכט אויך נישט אויס, כ'וועל דיר געטרויען. גיב שוין אַ קאָפּיקע און דאָס איבריגע וועסטו מיר אויסצאָהלען, גוט ?

לייבעל האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע אַ פּעקיל שוועבעליך, וואָס ציינדען זיך אַליין אָן, גענומען אָבברעכען די קעפּלעך, זיי אָנגעשטופּט אין דעם לאָך פון דעם שליסעל, פעסט אָנגעשטופּט און אריינגעזעצט דעם טשוואָק אין דעם לאָך. ער האָט געהייסען אַלעמען אַוועקגעהן אַן אַ זייט, אָנגענומען דאָס שטריקעל מיט דער רעכטער האַנד און וואס כח נור אַ שליידער געטהון דעם „שיסער" אַזוי קונציג אָן אַ שטיין אַז דער טשוואָק האָט דורכגעלעכערט דעם שוועבעל. אַ קנאַל ווי פון אַ פּיסטאָלעט האָט זיך דערהערט און אַ וואָלקען רויך איז געבליבען שטעהן אין דער לופט.

דער זשרעבאַק האָט זיך אַ ריס געטהון אומוואָרפענדיג דעם שמיעד מיט'ן פויער און אַוועק, שפּרינגענדיג איבער פּלעטער.

דער אַלטער חיים איז אַרויס מיט שלמה'ן. פויערים האָבען זיך גענומען טראָגען פון אַלע זייטען, געלאָפען נאָכ'ן זשרעבאַק.

לייבקע האָט דערווייל אָפּגעצויגען און זיך בעהאַלטען הינטער אַ סטאָדאָלע. דער אַלטער חיים איז אַרומגעלויפען איבער'ן הויף, געזוכט לייבעלען און גערעדט צו זיך אַליין :

— סא—ממזר ! כ'וועל איהם היינט די הויט אפשינדען, אז דאס האט קיין עול נישט, וואקסט מיט די שקצים אין דארף, ס'וועט זיך נאך שמד'ען ! בלי נדר, נאך שבת, פיהר איך איהם אין שטאדט אריין, אוועקגעבען צו משה שוסטער און דארט וועט ער וויסען וואס קארען גילדט !

ער האט געשריען, גערופען : לייבעל, לייבקע, קום נור אהער!

לייבעל האט זיך ארויסגערוקט פון הינטער די סטאדאלע, זיך געריבען אין דער וואנד ווי א פעט חזר'ל און ברוגז'דיג געזאגט :

— כ'וועל נישט געהן ! . . . וועסט מיך שלאגען — — אז איך בין נישט שולדיג ! . . .

— ווער וועט דיך שלאגען, ווער, דו הינטישע לעבער — האט חיים געקריצט מיט די ציין און געהויבען די ברייטע הויזען, — קום שוין אהער, הערסט ? !

דערווייל האט זיך שלמה'קע אונטערגע־גנב'עט און צוגעטראגען לייבקען צום פאטער.

חיים האט אנגעכאפט דעם אינגעל פאר די האר, איהם געשלאגען מיט זיינע ביינערנע קנאכען, געטרעטען מיט די פיס און גערעוועט.

— באנדיט, כ'וועל דיך איינמאל דער־הרג'ענען, דערשטיקען וועל איך דיך, גנב איינער ! דו זאלסט מיר נישט געהן אין וואלף'ס דרכים, הערסט ? נישט פערשווארצען אויף דער עלטער מיין פנים ! און אויף ס'ניי גענומען טרעטען דעם אינגעל מיט די פיס.

לייבקע האט קיין טרעהר געלאזט, איז געלעגען אויף דער ערד איינגעקורטשעט ווי א טוידט היה'לע און פארקוועטשט די אויגען. ער האט בשעת מעשה געקלערט וועגען זיין ברודער וואלף. ער האט געוואוסט, אז ביי וואלף'ען, וואו די זעברעס ענדיגען זיך, הייבט זיך אן א ביינערנע רייף און אז דער גרעבסטער שטעקען שפאלט זיך אן איהר אין צווייען. נישט איינמאל האט לייבקע געזעהן ווי וואלף האט זיך אויסגעצויגען ביי מעכיל'ן אין שענק. ער האט ארויפגעשטעלט אן אייזערנע קאוואדלע אויף זיין בלויז הארץ און די שטארקסטע פויערים פון דארף האבען מיט גרויסע האמערס געשמיעדט שטיקער אייזען. אזא רייף, האט ער געוואוסט, קריגט מען פון א סך קלעפ, אין ער איז זיכער געווען אז ווען ער וועט עלטער ווערען וועט ביי איהם אויסוואקסען אזא רייף. דעמאלט וועט דער „אלטער" מעהר איהם נישט שלאגען.

חיה, דעם שמיעד'ס ווייב, א הויכע דארע אידענע פון א יאהר עטליכע פופציג מיט שווארצע וואנסען, איז פונקט אנגעקומען פון דארף.

— מערדער, דו וועסט נאך דעם אינגעל דער'הרג'ענען, גענוג זאל שוין זיין, הערסט, דו אלטער קרח ! ?

— א קלאג אויף דיר מיט דיין זוהן צוזאמען — האט חיים זיך געווענדעט צו זיין ווייב האלטענדיג בשעת מעשה דעם אינגעל פאר א האנד — אז דו ביזט נישט בעסער פאר איהם ! זי נעמט זיך שוין אן, גע'הרג'עט איהר מוזשינעקיל — — — — א דער'הרג'עט זאלסטו ווערען, באטשאן, דו*)! ווען כ'וואלט מיט דיר געשלאגען כפרות צומארגענס באלד נאך דער חתונה וואלט איך געווען א גענעזענער ! ניין, — האט חיים אויסגעשפיגען מיט א קרעכץ — כ'בין ארייגנגעפאלען ! ס'איז פאר מיר קיין שידוך נישט געווען !

פון וואלד איז אנגעקומען וואלף, חיים'ס צווייטער זוהן, א שווארצער בחור ווי א ציגיינער, פון א יאהר אכט און צוואנציג. ער האט געטראגען א קליין טוכען היטעל מיט א לעדערנעם דאשעק, א פאר לאקירטע שטיוועל מיט געפאלדיוועטע כאליאוועס. אין דער האנד האט ער געהאלטען א לאנג צווייגעל און עם וואילעריש געדרעהט צווישען די פינגער.

זעהענדיג ווי דער פאטער האלט לייבקען און קריגט זיך מיט דער מאמע האט וואלף איהם איבערגעשלאגען מיט א בייזער :

— נו, טאטע, האסט זיך שוין צו'דרש'ענט, לאז שוין נעמען א סוף, ס'גאנצע דארף קומט זיך צונויף אויף אייער שווארץ וואונדער ! געה, געה בעסער אין דער קוזשנע !

דער אלטער דערזעהענדיג וואלפען האט זיך עטוואס פערלוירען, אפגעלאזט לייבקען, א שפיי געטהון, אויפהויבענדיג די הויזען און געשאלטען אין דער וועלט אריין :

— פער'שרפ'עט זאלען זיי ווערען ! חיים שמיעד וועט זיך אנפרעגען ביי ר' וואלף גנב צו ער זאל שלאגען לייבקען ! א נישט דערלעבען וועט ער עס ! זיי וועלען זיך נאך אלע דערשפילען !

לייבקע האט זיך א האסטיגען שטעל אויף געטהון, זיך אפגעשאקעלט פון די קלעפ ווי א הינטעל וואס שפרינגט ארוים פון וואסער, זיך געטאפט פאר'ן צוקלאפטען געזעס און געוואלט מאכען פליטה.

— העי, לייבקע, קום נור — האט וואלף איהם צוגערופען — וואס דער „הינטען" בריהט? הא, הא, — האט זיך וואלף צולאכט — כ'האב מורא עס וועט דיר גאר נישט זיין ! נא, דא האסטו א זעקסער און קום מיט מיר אין וואלד אריין. הער זיך איין, אויב מרדכי „שרייבער" וועט זיין אין וואלד וועסטו גלייך געהן צוריק און אויב נישט וועסטו צוגעהן צו לאה'ן און איהר זאגען, אז כ'וועל היינט אבענד זיין ביי איהר. נו, נישט געזוימט, שטעל א פאלקע !

לאה, מרדכי „שרייבערס" דאס צווייטע ווייב, איז אמאל געווען וואלף'ס א כלה. אמת,

---

*) באטשאן—בושעל.

נישט איין מויד איז די כפרה געגאנגען פאר וואלף'ען, פונדעסטוועגן האט זיך קיינעם נישט געגלויבט לאה זאל פאר וואלף'ען א כלה ווערען. און מיט לאה'ן איז זיך נישט געווען וואס צו ווארפען! זי איז געווען זעהר א שעהנע מויד, געדיענט אין די רייכסטע הייזער און גערעדט פונקט ווי א שטאדטישע. דערנאך איז זי אוועק נאך ווארשוי, אפגעווען דארט עטליכע זמן און ארויפגעקומען אין א קאפעליוש מיט א וואואל — אן אמת'ע דאמע. זי האט זיך געבראכט אן אויסשטייער — אן אנגעפראפטען קופער מיט טהייערע קליידער, טויזענד גילדען מזומנים און זיך אויסגעלערנט שרייבען א בריעף, אז ס'האט א שטיין געריהרט. זעלבסטפערשטענדליך, אזא מיידעל האט קיין זארג נישט געהאט מיט א שידוך אדער ווי לאה האט עס גערופען א „פארטי“.

מיט וואלף'ען האט זי זיך באגעגענט אויף א חתונה. דער יונג האט פון ערשטען קוק אפגעשניטענע־יאהר געהאט פאר איהר און זיך גענומען שארען ארום לאה'ן. און אז א מאנסביל שטעהט צו און דערצו נאך א שעהנער — קאן ער כמעט יעדעם מיידעל קריגען! האט ער טאקע דער מויד דעם קאפ פארדרעהט. דורך דער צייט וואס וואלף האט זיך געשדכ'ענט צו לאה'ן האט ער זיך גענומען פיהרען גאר אנשטענדיג. ער האט צורוה געלאזט די ארומיגע דערפער און דאס פויערים־פאלק האט גאר אפגעטהעמט, אויפגעהערט צו שלאפען מיט די פערד אין די שטעלער און צוריק זיך פערקליבען צו די ווייבער.

ווען לאה האט זיך דערוואוסט, אז איהר חתן איז א גנב, איז שוין געווען שפעט חרטה צו קריגען. זי האט שוין דעמאלט פאר איהם מורא געהאט, כמעט געווען זיין ווייב, נישט געקאנט לעבען אהן איהם א מינוט און זיך געטרייסט, אז זי וועט איהם מאכען פאר אויס גנב. זי האט גענומען ביי וואלף'ען תקיעת־כף אז ער וועט מעהר נישט פיהרען קיין „לינקע־געשעפטען“ און אפגעשטעלט די חתונה. איז ווי אויף צו להכעיס, האט זיך דער חתן גלייך נאכ'ן תקיעת־כף פארבענקט נאך זיין אלטער פרנסה און גענומען פערשווינדען אויף גאנצע טעג. און ווער ווייס? טאמער איז איהם די כלה דערעסען? מארציפאנען ווערען דאך אויך דערעסען! האט ער טאקע גענומען בושעווען, פערפאלען געווארען אויף גאנצע וואכען ביז ער איז אריין אויף פינף חדשים אין טיורמע.

לאה האט זיך נעביך אויסגעוויינט איהרע שעהנע אויגען און מעשה שטן האט זי איצט וואלף'ען נאך מעהר ליעב בעקומען. ביסלעכווייז האט זי גענומען פערקויפען איהרע שעהנע קליידער, דערפון געלעבט און אז זי האט שוין דערלעבט וואלף זאל ארויס און איהם געשיקט עטליכע רובעל אויף הוצאות אהיים האט איהם דאס פינסטערע מזל צוגעשיקט אויפ'ן וועג א פריש גנבה'לע און איז ווידער אריין.

דעמאלט האט שוין לאה מעהר נישט געוויינט, זיך ארומגעזעהען, אז ליעבע איז נישט בעשאפען געווארען פאר ארימעלייט, אפגעשיקט וואלף'ס עלטערען די תנאים און אוועק צו מרדכי שרייבער אויף א שטעל. איהר קופער האט זיך ביסלעכווייז צוריק גענומען אנפילען און נישט פערגינערס האבען גע'טענה'ט, אז זי האט עסקים מיט ר' מרדכי'ן — אן אלמן אין די זעכציגער. און מיט אן אמת, איז געווען וואס חושד צו זיין — ר' מרדכי, וואס איז גלייך נאכ'ן ווייב'ס טוידט געשטאנען אין שעהנע שדוכים (און נישט איין איד האט געהאפט אויף רח"ש), האט מיט אמאל זיך פון די שדוכים אפגעזאגט. און אז מען איז געקומען שבת צו ר' מרדכי'ן צום מנין האבען די אויגען וועה געטהון, — לאה איז געגאנגען אין גיטעלס זיידענע קליידער, געטראגען איהרע בייטש קרעלען — און מענשען זיינען, געלויבט צו גאט, נישט בלינד, האט מען טאקע גענומען רעדען און רעדען ביז מען האט זיך דעררעדט: ר' מרדכי האט חתונה געהאט מיט לאה'ן. און אז ער האט חתונה געהאט האבען אלע גע'טענה'ט, אז א בעסערען שידוך וואלט ער נישט געקאנט טהון, אז לאה וועט־זיין א גוטע מאמע צו די קינדער — און קינדער האט ר' מרדכי געהאט, קיין עין הרע, פינף. דאס עלטסטע, פייגעלע, ניין יאהר אלט.

אין גאנצען זיינען עטליכע חדשים דורך ווי לאה האט חתונה געהאט און איין גאט ווייס, פאר וואס דאס וואוילטאג איז איהר נישט איינגעגאנגען. ביי איהר האבען זיך די חדשים געצויגען אזוי מורא'דיג לאנג. גאנצע יאהרען. און וואס פארע חדוש? א יונג ווייבעל וועט דערעסען צו קעמען אן אלטען מאן די בארד, צו געהן שלאפען מיט די היהנער גלייך!

און אז וואלף איז א היים געקומען פון דער תפיסה און געהערט, אז לאה האט חתונה געהאט פאר מרדכי שרייבער איז איהם א לאך געווארען אין הארץ. ער איז ארומגעגאנגען ווי א צוטומעלטער. נישט געגעסען, נישט געטרונקען און אלץ געטראכט וועגען לאה'ן.

אין א שעהנעם טאג ווען מרדכי איז אוועק אין שטאדט אריין איז וואלף אוועק צו לאה'ן.

געוויס איז לאה געווען אן ארענטליך, איידיש ווייבעל — האט זי טאקע נישט געוואלט הערען פון וואלף גנב, איהם געזידעלט, ארויסגעיאגט און געסטראשעט איהם ארויסצווארפען מיט'ן „לעשניק“. וואלף אבער האט זיך נישט געריהרט פון ארט, געשטאנען א הויכער, א שווארץ־חנ'עוודיגער, מיט אזא טרויעריגען שמייכעל, און גערעדט, גערעדט פון זיין פינסטער מזל, וועגען דעם, אז אלטע ליעבע ראסטעט נישט — און וואס פארע ווייבעל וועט זיך דאס

נישט איינהערען צו אַ קאָמפּלימענט און דערצו נאָך צו ליעבע־ערקלעהרונגען ? איז לאה טאַקע געשטאַנען אַ פּערגאַפּטע, געקוקט אויפ׳ן שעהנעם, שוואַרצען ווי אַ ציגיינער, בחור און איהר יונג האַרץ איז ווייכער געוואָרען.

וואָלף האָט פון איהר כמעט גאָר נישט פערלאַנגט — זי איז דאָך שוין אַ ווייבעל ! האָט ער גע׳פּועל׳ט אַ קלייניגקייט — ווען־נישט־ווען זיך צו זעהן מיט איהר. מעהר נישט !

און אזוי ווי מענשען לאָזען זיך מיט קיין זאַך נישט בעגנוגען — האָט טאַקע וואָלף זיינע וויזיטען געמאַכט צו אָפט. אמת, לאה האָט איהם יעדעס מאָל געזידעלט, ער זאָל זי פּאַרגעסען, נישט מאַכען איהר אַ פינסטער לעבען און אין דער זעלבער צייט פלעגט זי קומען אַ שעה פריהער אויף דעם פלאַץ וואו זיי,האָבען זיך געדאַרפט טרעפען.

און אז די וויזיטען זיינען שוין געוואָרען צו אָפט, אַז ס׳האָט שוין געשטאָכען מענשען די אויגען — האָבען גוטע פריינד עס איבערגעגעבען ר׳ מרדכי׳ן.

וואָס האָט דער אַלטער ר׳ מרדכי געקאָנט טהון ? קיין נאַר איז ער נישט געוועזן, געוואוסט אַז מיט בייזען וועט ער ערגער מאַכען — האָט ער זיך טאַקע געמאַכט כלא יודע און געפּלאַנט נור איין זאַך — צוריק וואָלף׳ען משלח זיין אין שער הרחמים.

און דאָס איז דאָך אַזאַ קלייניגקייט !

טיעף אין וואַלד ביים „באַראַק" האָט זיך וואָלף אָפּגעשטעלט.

— הער, לייבקע, כ׳געה צו וואו מען האַקט דעם דאָמב.

— און איך ?

— דו וואַרט דאָ, הערסט ? כ׳וועל נור אַ קוק טהון צו מרדכי איז דאָרט נישטאָ. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען ? יא ! אויב כ׳וועל נישט זיין צוריק אין אַ צעהן־פופצעהן מינוט מעגסטו געהן אַהיים. נור הער זיך איין — דאָ האָט וואָלף צוגעלעגט דעם פינגער צו דער נאָז — האַלט מויל !

לייבקע וואָלט געגאַנגען פאַר וואָלף׳ען אין פייער. זיך תמיד גע׳חזר׳עט וואָלף׳ס ווערטער: אויב דו ווילסט ס׳זאָל פון דיר זיין אַ לייט לעבען דיך אויס שווייגען ! אַז מען וועט אפילו שניידען דאָס לייב אין פּאַסען—שווייג ! לאָז קיין טרעהר נישט !

זיין קינדיש מוח׳ל האָט פערשטאַנען וואָס קומט פאַר צווישען וואָלף׳ען און לאה׳ן, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט ווי עס אָנצורופען. און אזוי ווי ער האָט ליעב געהאַט אַלץ נאָכצומאַכען וואָלף׳ען — האָט ער געטראַכט אַז ווען ער וועט גרעסער ווערען, וועט ער זיך אויך אזוי טרעפען מיט פייגלען — מרדכי׳ס מיידעל.

לייבעל האָט אַרויסגענומען דעם זעקסער פון מויל, איהם אָפּגעווישט אָן זיינע הויזען און גענומען שפּילען מיט זיך אַליין „קאָפּ־שלאַק".

ער האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעצויגען אויפ׳ן מאָך, פערזשמורעט די אויגען און געקוקט אין די ברענענדיגע זון אַריין. אַ מילכיגער רעגען בויגען האָט איהם איינגעהילט אין גאַנצען, געוואַרעמט דאָס פּנים. עס האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ קלאַפּ. לייבקע האָט זיך אויפגעכאַפּט. נישט ווייט פון איהם איז אַרויס פון מאָך אַ „סקאָוואָראָנעק" און שנעל זיך גענומען רעדלען אַרויף. אָט איז ער שוין זעהר הויך, פונקט אין דער מיט פון דער זון. און דער פויגעל צוטרעלט און צופייפט זיך אַלץ העכער, גיט מיט אַמאָל אַ קנאַל, פּלאַצט, רייסט זיך איבער און שיט זיך פונאַנדער ווי אַ ווייטער דונער. לייבקע האָט פּערקוועטשט נאָך שטאַרקער זיינע אויגען און דערפיהלט ווי אַ פּאָר פליעגעל וואַקסען איהם אויס אונטער די אַרעמס, הייבען איהם אויף און טראָגען איהם טיעף אין הימעל אַריין. דאָס גאַנצע דאָרף שטעהט און וואונדערט זיך — לייבקע פליהט. און אז דער טאַטע געהט שלאָגען, גיט ער אַ הייב אויף די הענד, אַ פּאַטש מיט די פליגעל — און כאַפּ מיך ! און אז פייגעלע וועט וועלען וועט ער זי נעמען אויף די פליגלען און וועט איהר ווייזען, ווי ביי פּריוועסען אין שלאָס טאַנצען אַרום דייטשלעך און ער קען זיך מיט זיי.

ער האָט דאָך אַליין געזעהען מיט דעם אַלטען באַרטעק, דעם פּאַסטעך, ווי דער אַלטער ישראל פּריוועס זיצט אַ טוידטער אין שלאָס, האַלט אַ שטיקעל ברענענדיג קיהן, עפּענט קופערם און ציילט גאָלדענע רענדלעך. די דייטשלעך האָבען צוגענומען זיין קליין ברודעריל אויף און די מאַמע האַלט אין איין וויינען, אַז פּישעלע איז געשטאָרבען. ער זעהט איהם יעדע נאַכט. די דייטשלעך פיהרען איהם אין שלאָס אַריין און דאָרטען פון אונטער אַ גאָלדענע הייהל שפּרינגען אַרויס פיעל קינדער, פּישעלע אויך צווישען זיי. ער האָט איהם באַלד דערקענט, זיך געפּרעגט וואָס די מאַמע מאַכט. נור ער שווייגט — וויל קיינעם נישט אויסזאָגען. אויף אַ גרויסען שטוהל האָט ער דאָרט געזעהן פייגעלעס מאַמע, די שעהנע גיטעל, ווי זי איז געזעסען מיט אַ גרויסע גאָלדענע קייט אַרום האַלז. ער וועט פייגלען דערצעהלען. וואָס הייסט ? אַז ער וויל איז ער מיט איין מאָך פון די פליגעל אויפ׳ן שפּיץ פון אָט דעם בוים. און באַלד — נאָך אַ מאָך — און ער איז שוין אויפ׳ן צווייטען בוים און אַ ציה אַזוי מיט׳ן קערפּער — און ער פליהט אַריבער גלייך צו מרדכי שרייבער . . .

פון שטאָדט איז אָנגעקומען דער דאָרפסטראַזשניק, אַ פופציג יעהריגער קאַצאַפּ מיט אַ פּאָר קליינע קאַלמיצקע אויגען. ער איז גע־

גאנגען שטייף, קלינגענדיג מיט זיין פעררּאסטעטע שווערד.

— העי, לייבא, וואס ווארפסטו זיך אזוי ? האסט ס'קדחת ?

לייבקע איז האסטיג אויפגעשפּרונגען, דערזעהען דעם פּאליציאנט האט ער א שמייכעל געטהון, זיך אוועקגעשטעלט אין דער גאנצער לענג, צוגעשטעלט צוויי פינגער צום אבגעריסענעם דאשעק און ווי א זעלנער איהם אפּגעגעבען „טשעסט“.

— זדראווי—זישעלאיעם, גאספּאדין באבורין !

— און וואס טהוסטו דא אין וואלד — האט באבורין געשמייכעלט, אראפּגענומען זיין שווער טיכען היטעל און זיך געווישט דעם רויטען, פערשוויצטען שטערען — היטסט וואלף'ס קאנטראבאנדע ? .

— טאק טאטשנא ! — האט לייבקע געענטפערט, ארויסגענומען בישעת מעשה דעם זעקסער — נא, זעה, דאס האט מיר וואלף געגעבען, כ'זאל איהם היטען דארט אין גרוב עטליכע בלוזען בראנפען — —

— יא, יא, יא ! ס'וואקסט א „מאשעניק“ ! — איז זיך דער קאצאפּ פערגאנגען אין א געלעכטער — העה, וויז נור דעם זעקסער !

— ער איז א פאלשער — האט לייבקע געלאכט — און איהם געגעבען די מטבע.

דער קאצאפּ האט איהם געדרעהט, בעקוקט, געקלאפּט אין דער שווערד און אננעהמענדיג לייבקען פאר'ן קאלנער האט ער שטרענג געזאגט :

— וואו האסטו גענומען דעם זעקסער, דו, „זשידאווסקאיא מארדא“, זאג ? מען דארף אייך אלע אידען אויס'שחט'ען ! אלע ! דער זעקסער איז א פאלשער !

— וואלף האט איהם מיר — האט לייבקע אנגעהויבען און באלד חרטה געקריגען.

— אזוי, וואלף האט איהם דיר געגעבען, זאג, דער קעשענע ארטיסט ? קום שוין מיט מיר ! כ'נעהם דיך גלייך מיט דיין טאטען, מיט דיין ברודער, דעם גנב, און איהר אלע געהט ביי מיר אוועק נאך סיביר ! אין קייטען ! נאך סיביר !

לייבקע האט זיך גענומען רייסען. דער קאצאפּ האט איהם גוט אנגעריסען פאר די אויערן, דערלאנגט איהם עטליכע בענקלעך אין געזעס אריין און גענומען אוועקגעהן.

לייבקע איז אן אויפגעקאכטער געווארען, זיך געטרייסעלט אין גאנצען. געוויס, אז דער קאצאפּ האט איהם צוגענומען דעם זעקסער, איז ער נישט א פאלשער, האט ער גענומען נאכלויפען נאך באבורינען מיט א שטיין, געשריען ער זאל איהם אפּגעבען. דער קאצאפּ האט נישט געענטפערט. לייבקע האט איהם גלייך אין קאפּ אריין א שליידער געטהון דעם שטיין און פערשוואונדען צווישען די בוימער.

פּויערים אין די בלויזע העמדער זיינען געשטאנען מיט שארפע העק און אויסגעהאקט קרייזען ארום די אראפּגעלאזטע דעמבעס. שיקסעס און עלטערע גויה'ס האבען ארייגעזעצט קליינעס אונטער דער קארע, זי אפּגעריסען און עס געלעגט אין קופּעס. טהייל האבען זיך געווישט זייערע נאסע, צופלאמטע פּנים'ער מיט די אויסגעשמירטע הענד און געלבליכע פלעקען זיינען געבליבען דא און דארט.

— גאט זאל העלפען ! — האט מרדכי אויסגעשריען צוקומענדיג נעהנטער.

— אויף אימער און אייביג ! — — —

די פּויעלים זעהענדיג דעם „פּאן פּיסארזש“ האבען זיך גענומען פלייסיגער פאר דער ארבייט.

— נו, וואס זאגט איהר, טאטע, — האט זיך מרדכי געווענדעט צו אן אלטען פּויער — וויפיעל קופּעס דאמב וועלען מיר היי־יאהר האבען ?

— בא, כ'וויים — האט דער פּויער זיך פערטראכט, ארויפגעצויגען בשעת מעשה זיינע צייגענע הויזען — א טויזענד וועט זיין, אויב נישט מעהר !

מרדכי האט זיך אוועקגעזעצט אויף אן אפּגעהאקטען בוים. ער האט זיך געוואונדערט ווי דער אלטער קאצפּער, א גוי פון א יאהר עטליכע אכציג, שטעהט נאך א גאנצען טאג מיט דער האק אין דער האנד און שטעהט נישט אפּ פון די איבריגע פּויערים.

קאצפּער איז נאך ביי מרדכי'ס פאטער געווען „לעשניק“ אין וואלד. דעמאלט איז דער וואלד געווען געדיכטער, ס'איז אונמעגליך איהם געווען דורכצוגעהן — אזוי געדיכט זיינען די בוימער געווען. אלטע דעמבעס זיינען פון אלטקייט אליין געפאלען, געלעגען צעהנדליגע יאהרען, צופאלען און פרישע דעמבעס זיינען ארויסגעוואקסען פון די צופוילטע בוימער.

נישט איין מאל אין ווינטער פארנאכט האט זיך קאצפּער פערקליבען אין א ווינקעל און גענומען וואיען ווי א וואלף. באלד האבען זיך הונגעריגע וועלף גענומען אפּרופען פון אלע זייטען און פינקעלדיגע, וועלפישע אויגען האבען ארויסגעברענט פון וואלד.

מרדכי קוקט אויף קאצפּערס צוקנייטשט, ווי א געבאקענער ווינטער־עפּעל, פּנים, אויף זיינע כמעט צוגעמאכטע פון אלטקייט אויגען און ווען נישט די הענד וואס האבען זיך פאמעליך באוואויגען, וואלט מען געמיינט, אז קאצפּער שלאפט שטייענדיגערהייט.

— עם דומה לחמור — האט מרדכי צו זיך געזאגט.

ער האט געקוקט אויף דער אלטער פּיא־

סעצקאַ מיט איהר טאָכטער קאשאַ'ן — די אָרימסטע פון דאָרף, האָבען איין „מאָרג" לאַנד און אַ „לעפּיאַנקע".

קאשאַ איז געשטאַנען מיט עטוואָס צושפּרייטע, באָרוויסע פיס, גיך געריסען די קאָרע און דערלאַנגט איהר מוטער. קאשאַ מיט איהרע קליינע הענד האָט אויסגעזעהען ווי אַ קינד. מרדכי האָט באַמערקט, אַז דאָס קלייד ביי קאַשאַ'ן איז פיעל קערצער פון פאָרענט ווי פון הינטען:

— דאָס טראָגט זי שוין ווידער — האָט ער געטראַכט.

פאַר יאָהרען האָט קאשאַ געהאַט אַ קינד מיט'ן אָרגאַניסטער. ער האָט זיך געקליבען חתונה האָבען מיט איהר, דערווייל איז ער פערשוואונדען און זי טראָגט שוין ווידער.

אַ פּויער האָט באַמערקט ווי מרדכי קוקט אויף קאשאַ'ן און שמייכעלט, איז ער עטוואָס אויפגערוימטער געוואָרען און געזאָגט:

— קאשאַ, גאָט איז מיט דיר, האָסט זיך געמוזט איבערעסען, זעה נור סאַר'אַ בויך האָסט געקריגען?

קאשאַ איז רויט געוואָרען און גאָר נישט געענטפערט.

— דו וואָלסט שוין גאָר געוואָלט דיין ווייב זאָל זיך איבערעסען — האָט קאשעס מוטער בייז געזאָגט — קוק איהם נור אָן, דעם כוואַט, דאַכט זיך אַ „כלאָפּ" ווי אַ דאָמב און דאָס קאָן אַ קאָץ אַ ווידעל נישט צובינדען, אַזאַ צוקראַבענער! נישט בחנם שלעפּט זיך דיין ווייב אַרום מיט אַנדערע!

— אָט אַזוי, אָט אַזוי גיעב איהם! — האָבען זיך עטליכע שיקסעס אָנגערופען — לאָז זיך נישט, פּיאַסעצקאַ!

— דו, אַלטע „סוקאַ", ביזט דאָך ערגער פון דיין טאָכטער — האָט דער פּויער אָן אויפגעקאָכטער געזאָגט — ווער געדענקט דיך נישט ווען דו האָסט זיך ארומגעשלעפּט מיט'ן יונגען „פּאַן" און יעדעס יאָהר געהאַט אין דער סטאַדאָלע אַ ממזר!

— דו חזר'ש אויער, דו! דיין פּראַנקע האָט נישט געהאַט אַ ממזר מיט'ן „סאָלטוס" און דו אַליין ביזט אויך אַ „שובער". נישט בחנם איז דיין מאַמע געווען בעל־הבית'טע ביים גלך צוועלף יאָהר! און מיך אַליין האָט נישט דער אַלטער וויקאַר אַרומגענומען ווען כ'האָב זיך פאַר איהם מתודה געווען? נור איך בין נישט קיין נאַר! כ'האָב פאַר'ן קוש געקראָגען פינף רובעל און אַלע זינד בחנם פאַרגעבען!

— וואָס אמת, איז אמת! — האָבען אַלע געלאַכט.

— אַ ביסעל אַ יחוס — האָט מרדכי געשמייכעלט אין זיך, מעהר נישט איינגעהערט וואָס די פּויערים האָבען גערעדט.

אַ גרויסער זשוק איז געשטאַנען אויף אַ יאַגדע־בוימעל, אין אָנגעכמורעטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען שנוק. אַ צווייטער האָט זיך אַרומגערעדעלט מיט אַ זשומעריי. ער האָט דורכגעשניטען פערשיעדענע קרייזען, יעדע ווײלע צו צום זשוק אויפ'ן בוימעל, איהם געגלעט מיט די פליגלעך, געלעקט מיט'ן שנוק און איז באַלד ווידער פערשוואונדען זשומענדיג אַלץ העכער. מיט אַמאָל האָט זיך דער זשוק אַוועקגעשטעלט אויפ'ן בוימעל, עפּיס אויסגעשפּונען מיט די הינטערשטע פיסלעך, געהויבען די פליגלען. די זשוקעס זיינען פאַמעליך צו איינער צום צווייטען, איינגעפלאָכטען זיך מיט די פיסלעך, געקלאַפּט מיט די פליגעל און צוזאַמען אַוועקגעפלויגען.

מרדכי האָט זיך פערטראַכט און גענומען שפּאַצירען איבער'ן וואַלד.

צייט מען האָט איהם איבערגעגעבען, אַז „וואָלף ר' חיים'ס" איז ביי איהם אַן אָפּטער בן־בית, איז דער אַלטער מרדכי אַרומגעגאַנגען ווי אָהן אַ קאָפּ. און פּטור צו ווערען פון וואָלף'ען, ווי ער האָט געמיינט אין אָנהייב, איז נישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך. דען גאָט זאָל שומר ומציל זיין — אַזאַ יונג קאָן לייכט אונטערצינדען, שטעכען און וואָס קאָן ער נישט?

מיט אַן אמת'ן, האָט זיך דעם אַלטען עפּיס נישט געגלויבט, אַז צווישען וואָלף'ען און לאה'ן זאָל זיין עפּיס ערענסט. נו, טאַקע? וואָס פאַרע אידישע טאָכטער וועט דאָס האָבען צו טהאָן מיט אַ גנב? על אחת כמה וכמה וועט דאָך אַן אשת־איש אודאי נישט האָבען צו טהון! אלא מאי? וואָס דען? האָט דער אַלטער מרדכי טאַקע נישט געפונען קיין תירוץ און געפּיהלט, אַז ער איז מיאוס אריינגעפאַלען, אַז ס'רוקט זיך אויף איהם אָן אַ פינסטער עלטער — — און ווער ווייס? טאָמער שטראָפט איהם גאָט. ער האָט דאָך צוגעזאָגט גיטעלען, זכרונה לברכה, אַז ער וועט נישט נעמען קיין בתולה — — נור געה זיי אַ בריה! געוויס איז עס פאַר איהם נישט געווען קיין שדוך, דער שווער, שלמה פאַכטער, איז נישט זיין שטאַנד — — נור גאָר נישט! פערפאַלען!

אַזוי האָט זיך מרדכי אַרומגעשלעפּט איבער'ן וואַלד ביז פאַרנאַכט. נישט ווייט פון „באַראַק" האָט ער דערזעהען קאשאַן.

— וואָס טהוסטו דאָ? — האָט זי מרדכי געפּרעגט.

— די מאַמע האָט מיך געהייסען וואַרטען אויף אַ קוויטעל — האָט זי געענטפערט און נישט אויפגעהויבען די אויגען.

מרדכי האָט רחמנות געקראָגען אויפ'ן שיקסעל, ווי זי איז געזעסען אַן איינגעקורטשעטע, מיט פערלעגטע הענד — האָט ער איהר אויסגעשריבען אַ קוויטעל, געגעבען אַ קופּער־

נעם צעהנער אַ מתנה און זי געהייסען געהן אהיים.

דאָס שיקסעל איז צוגעפאלען צו מרדכי'ן און איהם גענומען קושען די האַנד.

— ניט, קאַשאַ, מען דאַרף נישט — האָט מרדכי געשטאַמעלט — כ'בין דאָך נישט קיין „קשאָנדז“ — און ער האָט צוגעכאַפּט די האַנד.

מרדכי האָט זיך מיט אמאָל גענומען אַרומקוקען אין אַלע זייטען, געקוקט אויף קאַשאַן און עס האָט איהם עפּיס אַ בריה געטהון אין אַלע גלידער. ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום שיקסעל, גלייך זיך פערלוירען, אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און אַוועקגעגאַנגען.

אַז מרדכי איז צוגעקומען צו זיין הויז און דערזעהען ווי וואָלף שפּרינגט דורך דעם פּאַרקאַן איז ער אויף אַ רגע צומישט געוואָרען, זיך באַלד געטאַמעוועט און אַ געשריי געטהון:

— העה, וואָלף!

וואָלף האָט דערזעהען מרדכי'ן, אינסטינקטיוו אַרונטערגערוקט דאָס היטעל איבער די אויגען און צוגעגאַנגען, אויספּייפּענדיג עפּיס דורך די פּערמאַכטע ציין.

— וואָס שפּרינגסטו עפּיס איבער די פּלעטער ווי אַ קאַץ — האָט דער אַלטער געשמייכעלט — כ'ווייס, פאַר מענשען איז דאַכט זיך געמאַכט אַ טויער?

— איהר ווייסט דאָך ר' מרדכי — האָט וואָלף גוטמוטהיג געענטפערט — כ'האָב שוין אַזאַ הינטישע טבע! די פּרנסה אונזערע ברענגט עס מיט — און ער האָט זיך צולאַכט.

— און דו לעבסט נאָך אַלץ, הא? — האָט דער אַלטער איהם אַ קלאַפּ געטהאָן אין דער פּלייצע.

— וואָס פרעגט איהר, ר' מרדכי! כ'הויב איצט אָן צו לעבען!

— אַזוי, האַ, האַ, האַ! — האָט זיך דער אַלטער כלומרשט צולאַכט.

מרדכי איז קיין נאַר נישט געווען, האָט ער דערווייל פּערצויגען דעם שמועס און בשעת מעשה געפּלאַנט ווי ר'נאָך אונטערצורוקען וואָלפען אַ פּיסעל. ער האָט געפיהלט, אַז איצט האָט ער די בעסטע געלעגנהייט.

— און ווי געהט עס מיט פּרנסה?

— שוואַך, ר' מרדכי!

— הערר, וואָלף, ווילסט מאַכען אַ פּאָאַר רובעל?

— כ'וויל שוין גאָר!

מרדכי האָט אָנגענומען וואָלפען פּאַר אַ האַנד, מיט איהם אָבגעגאַנגען עטליכע טריט און זיך אָבגעשטעלט.

— הער זיך איין, ס'וואָלט געווען אַ מצוה ביי מיגאָצקען אַרויסצונעהמען דעם „שימעל“ — דאָס איז אַ „הונדצוואָט“ אַ גוי, ער קאָן נישט קוקען אין די דלת אמות וואו אַ איד שטעהט! ברויכסט מעהר? דעם שימעל רופט ער „ראַבין“. איך אַליין וואָלט ביי דיר צוגענומען דאָס פּערדעל. כ'וואָלט דיר געגעבען אַ פינף און צוואַנציגער אַבי דעם ערל אָנלערנען. און וואָס מיינסטו, ס'איז אַ שווער שטיקעל אַרבייט? — אסור! קענסט גלייך דעם סוס אַרונטערפיהרען פון דער לאָנקע, ס'וועט אסור אַ הונד אַ ביל טהאָן! נו, וואָס שווייגסטו?

— ס'געהט! — האָט וואָלף געענטפערט

— גיט אַהער אַ פינפעריל האַנד־געלד.

— געמאַכט!

פאַרנאַכט האָט חיים פּערמאַכט די „קוזשנע“ און געגאַנגען מיט די בנים אהיים. לייבקע האָט זיך אויך געפּלאָנטערט צווישען זיי. אַפּנים דעם טאַטענ'ס קלעפּ האָבען איהם וועניג געאַרט. ער האָט געוואוסט, אַז אַזוי דאַרף זיין, אַז אַ טאַטע האָט געזונטע, אייזערנע הענד צום שלאָגען און אַז ער וועט גרויס ווערען וועט ער אויך האָבען שטאַרקע הענד און וועט אויך שלאָגען. דערפאַר טאַקע האָט ער מעהר דרך ארץ געהאַט פּאַר'ן טאַטע'ן ווי פּאַר דער מאַמע, כאָטש די מאַמע האָט איהם אַלץ נאָכגעגעבען. און מיט אַן אמת האָט חיים לייבקען אויך ליעב געהאַט, וואָס ער מאַכט זיך פון די קלעפּ קיין ווענזען. אַריינגעכאַפּט, קיין פּיפּס געטהאָן און פאַרטיג! — אַזוי דאַרף עס זיין — האָט זיך חיים געטראַכט. געהענדיג פון דער „קוזשנע“ אהיים האָט חיים עטליכע מאָל אַ קניפּ געטהאָן לייבקען אין דער באַק אריין און עפּעס אונטערגעברומט. אַלע זיינען געווען הונגעריג, נישט גערעדט צווישען זיך און געטראַכט ווי מען וועט דאָס „אַריינכמאַליען“ די געזאָטענע קאַרטאָפעל מיט פּוטער־מילך.

חיה, דערזעהענדיג די חברה פון דערווייטענס, איז גאָר לעבעדיגער געוואָרען. גיך אַריינגעקאַטשעט אין מיטען שטוב אַ פּאַס פון הערינג, אַראָבגענומען דאָס ברעט פון דער שלאָף־באַנק, אַרויפגעלעגט אויף דער פּאַס, אַוועקגעשטעלט אַן ערדען שעפעל מיט צוויי אויערען מיט פּאַריגע, מעהליגע קאַרטאָפעל, צוויי קרוגען פּוטער־מילך, אַן אייגען געבאַקענעם לאַבען ברויט און אַ שיסעל פּוטער.

חיים איז אריין מיט די בנים, בעקוקט וואָס עס שטעהט אויפ'ן טיש און אַ געשריי געטהאָן:

— נו, חברה, נעהמט אייך צו מנחה, גיכער!

אַליין האָט ער אָנגעריבען אָן דער נאַסער, קופּערנער שעפּ זיינע הענד, זיך אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ קאָלירטע נאָז־טיכעל אנשטאַט אַ גאַרטעל און אויסגעשריען:

— אוי, אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה! — —

די חברה האָבען זיך צושאָטען איבער דער שטוב און עפּעס געמאָהלען מיט די מיילער.

— אוי, אָשימה אַספּרנה! — לייבקע, האָסט אהיים געטריבען די קוה?

— יי־אא! — האָט לייבקע געענטפערט, וואַרפענדיג א הייסע קאַרטאָפּעל פון איין באַק אויף דער צווייטער.

נאָך מנהה האָבען זיך אַלע צוזעצט ארום טיש, גענומען די בלעכערנע לעפעל אין די הענד אריין און מיט לייב און לעבען זיך אריינגעטהאָן אין עסען.

אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַן עלטערער איד מיט א פּאַק אויף די פּלייצעס. דער איד האָט אָנגעקלאַפּט מיט'ן שטעקען אָן דער שוועל.

— ברוכים היושבים, מיט אַ גוטען אַפּעטיט! איהר האָט דאָך געווים פאַר אַן אָרעמען אידען א לעפעל געקעכץ?

— געווים האָבען מיר — האָט חיה א צופריעדענע געענטפערט — נעהמט נור אראָפּ, פעטער, דעם פּאַק און זעצט אייך צום טיש.

דער איד האָט געטראָגען א צייגען כאַלאַטעל, א פּאָאר שטיוועל, ווייסע פון בלאָטע, מיט שווערע כאָליאַוועס. די פּאָלעס זיינען געווען אריינגעמאַכט אין דעם שטריק, מיט וועלכען ער איז געווען ארומגעגאַרטעלט. ער האָט פּאַמעלעך אראָבגענומען דעם פּאַק, זיך געוואַשען און הויך המוציא געמאַכט.

— פון וואַנען קומט א איד? — האָט חיים איהם שלום געגעבען.

— פון וואַנען איך קום? — האָט דער אורח געצויגען די ווערטער און געשניטען דאָס ברויט אין קליינע רייפלעך — הם, פעטער לעבען, פון דער גאַנצער וועלט! היינט בין איך דאָ, מאָרגען — דאָרט און אזוי שטופּט מען דורך דאָס ביסעל יאָהרען, אבי ווייטער!

דער עולם האָט זיך באַלד ארומגעזעצט ארום דעם אורח ווי ארום אַן אבן־טוב, אָנגעשטעלט די אויערן און זיך איינגעהערט צו יעדען וואָרט זיינס. דען וואָס איז א חידוש? ס'זיינען דורך חדשים און א לעבעדיגען מענשען אויסער די דאָרפישע האָט מען אויפ'ן ישוב נישט געזעהן, האָט טאַקע דער ישוב דערעסען און ס'האָט זיך געוואָלט דורכשמועסען מיט א אידען, הערען וואָס עס טהוט זיך אויף דער־וועלט. און ווי דער עולם איז אזוי געזעסען און זיך געשמאַק איינגעהערט ווי ס'לעבט זיך אידען אין טיעף „ראשעיע", האָט זיך די טהיר געעפענט און באַבורין סטראַזשניק, דער „סאַלטוס" און נאָך זיי אַן עולם פּויערים זיינען אריין אין שטוב.

חיים האָט זיך צומאָל פון אָרט נישט גערירט. ער איז שוין געוואָהנט געווען צו די צרות, געוואוסט, אז דאָס זוכט מען זיין גן־עדן פיהרער, וואָלפען.

די פּויערים האָבען געשריען, געגוואַלדעוועט, געסטראַשעט זיי וועלען אונטערצינדען, אויסגעזוכט די שטוב, דעם בוידעם — וואָלף איז נישט געווען. דער אַלטער חיים האָט זיך מיט אמאָל א שטעל אויף געטהאָן, אריין צווישען די פּויערים און גענומען רעדען:

— פּאַנאָווע, איהר קענט אַלע חיים שמיעד, אמת? און נישט פון היינט! איך בין אין זאַוואַד געבוירען געוואָרען און אז מען האָט אייך „געוולאַשטשעט"*) האָב איך זיך פון מיין חלק אָפּגעזאָגט, אַוועקגעגעבען אייך מיין „וואָליקע" לאַנד. וואָס שווייגט איהר

— אמת, אמת, — האָבען די פּויערים אויסגעשריען.

— און אַצונד, ווער האָט אייך די וועגען, די בריטשקעס געמאַכט? ווער שמיעדט אייך די פערד? אַלץ חיים שמיעד, אמת? האָב איך אייך אַמאָל גענאַרט? זאָגט! אמת, כ'בין אַ איד — אָבער אַן עהרליכער איד!

— וואָס אמת, איז אמת — האָבען די פּויערים געשריען — חיים איז אַן עהרליכער איד!

— טא וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס בין איך שולדיג, אז כ'האָב אַ זוהן אַ גנב? איהר ווייסט דאָך, אַ טאַטע פאַר אַ זוהן הענגט מען נישט!

די פּויערים האָבען זיך ביסלעכווייז גענומען אַרויסרוקען. חיה האָט געוויינט, געזוכט לייבקען, נור לייבקע איז שוין לאַנג געווען אין וואַלד, געגאַנגען אָנזאָגען דעם ברודער ער זאָל אָבציהען.

אין אבענד האָט געכאַפּט א מאַיאָווע פרעסטיל.

וואָלף איז געלעגען אין א האַלב איינגעפאַלענע סטאַדאָלע וואָס איז געשטאַנען אין וואַלד און געוואַרט אויף לאה'ן.

ער האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ צווישען די אקסלען, איינגעטוליעט זיך אין רעקיל און געציטערט פון קעלט. ער האָט אויפגעזוכט אין אַ ווערסטיל־קעשענע אַ שטיקעל פּאַפּיראָס און פעררויכערט. אַרום איז געווען שטיל, נור עפּים אַ אַ שוואַרצער קוטער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף אַ בעלעק, נעבען דאָך, געוואורטשעט און געשאָסען מיט די גרינע פּאָספּאָר אויגען.

וואָלף האָט פערשטאַנען, אַז ס'איז נישט גלאַט וואָס לאה זוימט זיך אַזוי שפּעט און זיך בישום אופן נייט געקאָנט שענקען ווי ר'נאָך ער איז געווען אַזאַ חמור און זיך נישט געכאַפּט אַז מרדכי שטעלט איהם אונטער אַ פּיסעל. און איצט מעג ער זיך שוין אָפּגעזעגענען מיט'ן אייגענעם דאָרף, אויב ער וויל נישט לעבעדיגער־

---

*) צוטהיילט די ערד.

הייד די קאַפּיטעס אויסציהען. די נכפּה האָט איהם געגעסען. ער האָט זיך מיט אַמאָל אויס־געגלייכט, פאַרקוועטשט פון כעס די פויסטען און געשאָלטען. ער האָט געפלאַנט נאָך מיט אַלע זיך אָפּצורעכענען, זיי אָנטהון געברענטע צרות. און מרדכי'ן, דעם חסיד, וועט ער היינט נאָך ארויסנעמען די פערד ! ווי ער איז א איד !

עס האָבען זיך דערהערט טריט. לאה אן איינגעהילטע אין א פּאַטשיילע איז שטיל אריין אין דער סטאַדאָלע.

— וואָס אזוי שפעט, לאה'שי ? וואָס הערט זיך ?

— ס'הערט זיך, יאָ — האָט לאה זיך גע־בייזערט, — כ'האָב זיך קוים ארויסגעריסען, דיינע געשעפטען — — און אצונד זוכט מען דיך, ס'גאַנצע דאָרף איז אויף, טראָג זיך בע־סער בעצייטענס אָפּ, הערסט ?

— וואָס דו רעדסט, נאַרעלע, ווער וועט דאָס איינפאַלען מיך דאָ ביי נאַכט צו זוכען ? און וויסטו ווער ס'האָט „געס'ליחה'עט" ? דיין אַלטער ! ס'א שיי...! קום אהער, טייבעלע, ס'איז מיר אזוי קאַלט ! וועסט דאָ זיין מיט מיר ביז פאַרטאָג, גוט ?

— וואָס פעלט דיר איין, וואָס ? דו הער מיך בעסער, און ציה שוין אָפּ, דען מען קאָן יעדע מינוט דאָ אהערקומען. דאָס גאַנצע דאָרף פויערים איז אַוועק דיך זוכען.

— זיי קיין קינד נישט, לאה, מען וועט וואָלף'ען נישט כאַפּען — און ער האָט זי אַרומ־גענומען.

זיי האָבען זיך אריינגעזעצט אין א קופּע אַלטע גראַכאַווינע, זיך ארומגענומען, זיך צו־געטוליעט און פאַרגעסען אין אַלעם.

עס האָבען זיך דערהערט קולות. לאה איז א פערציטערטע געוואָרען און גענומען וויי־נען. וואָלף האָט זי בערוהיגט, זי אַרומגעווי־קעלט מיט גראַכאַווינע מען זאָל מיינען ס'איז א „סטאָג" שטרוי און אליין האָט ער זיך אויס־געצויגען אויף דער ערד און צוגעלעגט דאָס אויער צו דער טהיר.

די קולות זיינען געוואָרען אַלס העכער. וואָלף האָט זיך נישט פערלוירען, פערמאַכט מיט א ברעט די טהיר אויפגעזוכט א צוברא־כענע ווידעל מיט צוויי ציין און בעשלאָסען פאַר קיין פאַל זיך נישט אונטערצוגעבען. ער האָט שאַרפער אָנגעשפּיצט די אוירען.

— שלאָגט איהם ! ער וועט זאָגען ! ער מוז זאָגען ! — האָט וואָלף דערהערט קולות און ער איז א פערציטערטער געוואָרען.

— אויב דו זאָגסט נישט וואו וואָלף איז, הענגט מען דיך אויף, הערסט, לייבא ? — האָט ער דערקענט באַבורינס שטימע.

ס'איז צוריק געוואָרען שטיל. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט א סוויסטשען ווי מען וואָלט עמיצען געפּאַטשט, קולות : „בעסער ! בעסער !" און לייבקע האָט זיך צוואווינט.

ווי א צורייצטע חיה איז וואָלף אַרומגעלאָ־פען איבער דער סטאַדאָלע מיט דער ווידלע אין דער האנד און איין גאָט ווייס פאַרוואָס ער האָט דוקא געזוכט אן אנדער ווידלע, צו א האַק ער זאָל ארויס און ווייזען די „פּסו־בראַטעס" ווי צו שלאָגען א קליין אינגעל, זיין לייבקען.

אין דער סטאדאלע איז מעהר קיין ווידלע נישט געווען. לאה'ס שטיל געוויין האָט איהם אויפ־גערעגט. ער האָט פאַרגעסען אז לאה איז זיין געליעבטע און אָנכאַפּענדיג זי ביי א האַנד האָט ער איהר איינגערוימט :

— שווייג, נבלה, דען כ'דערשטעק דיך !

פאַר גרוים כעס האָט ער דערלאַנגט דעם קאָטער א כמיאל מיט דער ווידלע, אז ער האָט קיין צייט געהאַט זיך צו דערהאַלטען מיט די לאַפּעס און אראָפּ אויף דער ערד ווי א שטיין.

ער האָט ווידער דערהערט באַבורינ'ס קול:

— פּאַנאָוויע, דער קליינער וואַקסט א גנב ! ער ווייס וואו וואָלף איז, אז נישט וואָס וואָלט ער דאָ געטהון ביי נאַכט אין וואַלד? שלאָגט אזוי לאַנג ביז ער וועט אויסזאָגען.

באַלד האָבען זיך דערהערט לייבקעס גע־שרייען, אויסטערליש רעווען, אז ס'בלוט האָט וואָלף'ן גענומען פריהרען אין די אָדערן. ער האָט געציטערט, זיך פאַרשטעלט די אוירען און געקלאַפּט קאָפּ אין וואַנד.

— זאָגסט אַז ער איז אין די „לעפּיאַנ־קע" ? דו „היצעל", דו ! פאַרוואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט, וואָלסטו דאָך פאַרשפּאָרט צו קריגען קלעפּ ! ?

— צו דער „לעפּיאַנקע", צו דער „לעפּיאַנ־קע", נעמט לייבא'ן מיט — האָבען זיך געהערט ווילדע קולות.

וואָלף האָט דערפיהלט ווי ס'ווערט איהם וואַרעם ביים הארץ, ס'שטיקט עפּיס אין האַלז און ער האָט געשעפּטשעט : לייבקעלע, לייב־קעלע !

ער האָט א פּראַל אויף געטהון די טהיר און ארויס מיט דער ווידלע.

די פויערים האָבען זיך צושאָטען. באַלד איז באַבורין געלעגען א דורכגעשטאָכענער. ער האָט געשלאָגען רעכטס, לינקס, געכמאַליעט איבער די קעפּ, געפאַלען, זיך גיך אויפגעהויבען, און ווידער געשלאָגען, געפּלעמט — — און מיט אַמאָל האָט ער דערפיהלט א בריה אי־בער'ן קאָפּ — ווי מען וואָלט איהם אָפּגע־מאָסטען מיט א דראַנג.

— ס'איז נאָך דיר, וואָלף ! — און ער איז אומגעפאַלען.

אז ער האָט געעפענט די אויגען האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען.

— ער לעבט ! — איז לייבקע צו און איהם גענומען קושען די הענד.

די זון, רויט ווי בלוט, האָט זיך ארויסגע־קייקעלט פון וואַלד.

וואָלף האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דער זון, זיך געוואָלט עפּיס דערמאָהנען, געפיהלט ווי די כחות פערלאָזען איהם און דערזעהען נע־בען זיך לייבקען.

ס'איז איהם ווי לייכטער געוואָרען, לאַנג געקוקט אויף לייבקען און אויף זיינע מיט בלוט פערטריקענטע ליפּען האָט זיך בעוויזען א שמייכעל.

און אז לייבקע האָט זיך דערשראָקען, נישט געקאָנט אויסהאַלטען וואָלף'ס בליק און זיך אָפּ־געדרעהט מיט א געוויין, האָבען וואָלף'ס פער־גליווערטע אויגען נאָך אַלץ געקוקט אויף דעם אָרט וואו לייבקעס פּנים איז געשטאַנען.

א. יפה

דר. ח. זשיטלאָווסקי, אַלס פילאָזאָף

דר. ח. זשיטלאָווסקי איז שוין לאַנג געקרוינט געוואָרען מיט'ן טיטעל: „גרויסער דענקער". א גרויסען אָדער אפשר גאָר דעם גרעסטען אנטייל אין דעם קרוינונגס־פּאראד האָט גענומען א גע־וויסער טייל פון אונזער „יו־גענד", וועלכע איז גאָר ניט קאָמפּעטענט אין פילאָזאָפישע פראגען. דערפאר אָבער איז זי ניט קאַרג אויף „קאָמפּלימענטען" און איז גרייט יעדען מענשען מיט וויסען אָדער טאַלענט אויפ־צוהעבען אויף דער העכסטער מדרגה, אוועקצו־זעצען אויף דעם טהראָן פון גרעסטען דענקער, גרעסטען פּאָעט, גרעסטען קריטיקער. דער מיטעלמעסיגער טאַלענט ווערט ביי אונז א גרויסער און ביי א געוויסער דאָזע התפעלות ווערט דער גרויסער דער גרעסטער און שוין ניט דער גרעסטער ביי אונז, נאָר בכלל דער גרעסטער אויף דער וועלט. אזוי איז זשיט־לאָווסקי אויך געוואָרען דער גרויסער דענקער, דער דענקער.

בעזונדערס שטאַרק האָט אויסגעגאָסען די התפעלות בעת זשיטלאָווסקי האָט געפייערט זיין פופציג־יעהריגען יובילעאום. אלע יוגענד־ליכע קרייזלעך פון גרינשעשאַק און שניפּעשאַק האָבען מיט א געוואַלדיגען אימפּעט זיך גע־פליסט טעלעגראַפיש צו בעשטעטיגען, אז זשיטלאָווסקי איז דער גרויסער „נאַציאָנאַלער" דענקער: אין איהם ליעגט אונזער האָפנונג, אין איהם ליעגט אונזער צוקונפט. מען דאַרף נאָר שטודירען דעם אוצר פון אידישער און אַל־געמיינער פילאָזאָפיע און פּאָליטיק — און מיר וועלען געהאָלפען און געראַטעוועט ווערען. גע־וויס האָבען דערביי געשפּיעלט א ראָלע בע־שטימטע „נאַציאָנאַלע" מאָטיוועז — דאָס איז דער הויפּט־טאָן, וואָס האָט געמאַכט די מוזיק. געוויס ערקלערען זיך די אַלע איבערטרייבונ־גען מיט דער יום־טוב'דיגער שטימונג, וואָס האָט ארויסגערופען זשיטלאָווסקי'ס יובילעאום ביי א געוויסען טייל פון אונזער „געזעלשאַפט". מיר מיינען גאָר ניט קיינעם דערפאר, חלילה, צו טאַדלען, גראַד פערקעהרט, מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, מיט וואָס די אלע איבערטרייבונגען ערקלערען זיך און פערשטעהען הייסט פערציי־הען. און דערפאר טאַקע בעטען מיר ביים לע־זער און ביי אונזער פערעהרטען פילאָזאָף דר. זשיטלאָווסקי, זיי זאָלען אונז אויך פערצייהען, אויב מיר וועלען זיך ערלויבען אריינוואַרפען אין „דעם פעסעל האָניג א לעפעל זעגעכץ".

איידער מיר געהען אָבער איבער צו אונ־זער הויפּט־אויפגאַבע, מוזען מיר גלייך דאָ בע־מערקען, אז מיר אנערקענען, אז זשיטלאָווסקי האָט א סך געלערנט; זשיטלאָווסקי איז א טאַלענטפולער שריפטשטעלער; ער האָט א גלענצענדע אידישע שפּראַך און איז בכלל א געבילדעטער מענש. ביי אלע זיינע מעלות אָבער האָט זשיטלאָווסקי איין געוואַלדיגען חסרון, א מין „אָרגאַנישען פעהלער" און דאָס איז זיין עקלעקטיזם.

1

1. זשיטלאָווסקי, אלס עקלעקטיקער.

לכבוד דעם יובילעאום איז בעשלאָסען גע־וואָרען ארויסצוגעבען אַלע ווערק פון דר. ח. זשיטלאָווסקי. דערוויילי זיינען ערשיענען די ערשטע פיער בענדער. ליידער מוזען מיר אָפען זאָגען, אז נאָכדעם, ווי איהר לעזט די פיער בענ־

דער, בלייבט איבער ביי אייך עפּעס אַ געפיהל, ווי עס האָט זיך אייך געשטעלט וואָס אין האַלז: ניט אַראָבצושלינגען, ניט אויסצושפּייען . . .

מיט וואָס ערקלערט זיך דער פאַקט, אַז זשיטלאָווסקי'ס „וועלט־אַנשויאונג" איז אַזוי שווער צו פערדייען פאַר יעדען דענקענדען מענשען? דאָס ערקלערט זיך פריהער פון אַלץ דערמיט, וואָס זשיטלאָווסקי איז בכלל ניט קיין אָריגינעלער דענקער, נאָר אַ געוועהנליכער עקלעקטיקער. און עקלעקטיקער ווערט אָנגערופען דעריעניגער, וואָס שטרעבט צו פעראייניגען אויף אַ ריין מעכאַנישען אופן פערשיעדענע פּרינציפּען, וועלכע קאָנען גאָר ניט לאָגיש פעראייניגט ווערען, ווייל זיי שליסען זיך געגענזייטיג אויס. דער עקלעקטיקער וועהלט אויס פון יעדען פילאָזאָפישען סיסטעם אָדער בכלל פון יעדער טעאָריע דאָס שטיקעל, וואָס איהם געפעלט און שטוקעוועט צוזאַמען פון אַזעלכע שטיקלעך אַ „וועלט־אַנשויאונג", מאַכט פון דעם, ווי זשיטלאָווסקי וואָלט געזאָגט, אַ „צימעס". נאָר אַזוי ווי דער „צימעס" קאָן ניט אין אונזער דענקען איבערגעקאָכט ווערען — איז ניט יעדער מאַגען קאָן דאָס פערטראָגען.

אָט די עקלעקטישע אייגענשאַפט איז איינע פון די הויפּט־אייגענשאַפטען זשיטלאָווסקי'ס. דאָס איז שטענדיג געווען — ניט זיין שולד, נאָר זיין אומגליק.

עס איז אפשר ניט פאַראַן קיין שריפטשטעלער, אָפּטמאָל גאָר ניט קיין וויכטיגער, וועלכען זשיטלאָווסקי זאָל ניט זיין „דאַנקבאַר" פאַר געוויסע אידעען, וואָס ער האָט ביי איהם „געפּאַקט". און אַ דאַנק זיין „געזונדען" מאָגען, איז זשיטלאָווסקי פעהיג אַלץ צו פערדייען און אַלץ אין זיך אויפצונעהמען.

די גרויסע און אָריגינעלע דענקער צייכענען זיך בעזונדערס אויס דערמיט, וואָס זיי פיהרען דורך אַ י י ן פּרינציפּ דורך זייער גאַנצער וועלט־ און לעבענס־אַנשויאונג, וואָס ד אַ ס פּרינציפּ ווערט דער גרונדשטיין, אויף וועלכען עס ווערט געבויט אַ גאַנצער בנין.

זשיטלאָווסקי געהערט ניט זעלבסטפערשטענדליך צו דעם מין דענקער. ער איז בכלל ניט קיין אָריגינעלער דענקער און האָט קיין נייע פּרינציפּען ניט ענטדעקט.

עס זיינען אָבער פאַראַן אויך אַנהענגער פון געוויסע פאַרטיגע וועלט־אַנשויאונגען. די אַנהענגער שטרעבען די איבערגענומענע וועלט־אַנשויאונגען ווייטער צו ענטוויקלען און אריינצופיהרען אין די ברייטע מאַסען. זייער אויפגאַבע בעשטעהט ווייטער דערין, וואָס זיי געבען איבער אין אַ לייכטער שפּראַך דאָס, וואָס די גרויסע דענקער האָבען געלערנט. זייער אַרבייט בעשטעהט נאָך אויך דערין, וואָס זיי ווענדען אָן די אַלגעמיינע טעאָרעטישע פּרינציפּען אויף די איינצעלנע געביטען פון דער וויסענשאַפט. צו דעם מין דענקער געהערט זשיטלאָווסקי אויך ניט, ווייל ער פּרעטענדירט דאָך אויף די ראָלע פון אַ זעלבסטשטענדיגען און אָריגינעלען דענקער.

מיר מוזען אָפען זאָגען, אַז זשיטלאָווסקי האָט בכלל ניט קיין אויסגעהאַלטענע וועלט־אַנשויאונג. און דאָס, וואָס ער רופט אָן זיין וועלט־אַנשויאונג, האַלט ניט אויס קיין ברעקעל וויסענשאַפטליכער קריטיק.

זשיטלאָווסקי אַליין ערקלערט, אַז זיין וועלט־אַנשויאונג בעשטעהט פון דריי הויפּט־טיילען. דאָס זיינען: דער קולטור־פילאָזאָפישער אידעאַליזם; דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם און די אידיש־נאַציאָנאַלע ווידער־בעלעבונג.

אַלס קולטור־פילאָזאָפישער אידעאַליסט און רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט איז זשיטלאָווסקי אַ גרויסער געגנער פונ'ם מאַטעריאַליזם און מאַרקסיזם און האַלט פאַר זיין הייליגען חוב שטענדיג געגען זיי צו קעמפפען. ער האַלט אין איין קריטיקירען דעם מאַטעריאַליזם, די דיאַלעקטיק און דעם מאַרקסיזם, מיט אַ וואונדערבאַרער ליעבע קעהרט ער זיך ווידער און ווידער אום צו דערזעלבער אַרבייט און שטענדיג מיט דעמזעלבען ערפאָלג.

אויף'ן ביכער־מאַרק קומען אונטער דערווייל אַלץ נייע ווערק, וועלכע געבען זשיטלאָווסקי'ן שטאָף פאַר זיין ווייטערדיגער קריטיק. אַלץ מוז און קאָן זשיטלאָווסקי „פערדייען". קיינעם טאָר ער ניט דורכלאָזען. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם עקלעקטיקער פאָדערט פון איהם, ער זאָל יעדע מיינונג „אריינציהען אין זיין בעטראַכטונג" און אַלע מיינונגען אויסגלייכען, פעראייניגען. זשיטלאָווסקי איז דעריבער קיינמאָל ניט זיכער אין זיינע רעזולטאַטען און שטענדיג שוועבט אויף זיינע ליפּען די פאַרטיגע פראַגע: „טאָמער פערקעהרט"? ער איז שטענדיג אין ספק, ווייל אָט קאָן אונטערקומען בערגסאָן אָדער קויפמאַן אָדער גאָר לע־באָן און צושטערען זיין גאַנצען בנין. ער מוז שטענדיג האַלטען אָפענע טהירען, כדי אַז יעדער, וואָס וועט קומען מיט וואָס פאַר אַ מיינונג דאָס זאָל ניט זיין, זאָל געפינען ביי איהם אַ פאַרטיגען און בכבוד'דיגען פּלאַץ. דערביי מוז בעמערקט ווערען, אַז די אַלע מיינונגען ווערען אויפגענומען פון זשיטלאָווסקי'ן אָהן יעדער קריטיק. זיין גאַנצע קריטיק איז געווענדעט נאָר געגען דעם מאַטעריאַליזם און מאַרקסיזם. אגב מוז בעמערקט ווערען, אַז זיינע אַלע „בעווייזען" געגען דעם מאַטעריאַליזם און מאַרקסיזם זיינען ווידער אויך ניט אָריגינעל און „אַלט, ווי די וועלט".

מיט איין וואָרט, זשיטלאָווסקי איז אַן אויסגעהאַלטענער עקלעקטיקער. און אַן עקלעקטיקער איז ער ניט נאָר אין דער פילאָזאָפיע, נאָר אויך אין דער פּאָליטיק, אין רעליגיאָן און ד. גל. אויף דעם פּאָליטישען באָדען שטרעבט

ער אויף אַלץ צו „פּעראייניגען“, אַלע סכסוכים צווישען די פּערשיעדענע ריכטונגען אויסצוגלייכען. ער שטרעבט צוזאַמענצוואוואַרפען אין איין טאָפּ דעם בונדיזם, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, סיימיזם, סאָציאַליזם און גאָט ווייס וואָס נאָך. דיזעלבע טענדענץ בעמערקט איהר ביי זשיטלאָווסקי'ן איבעראַל. דער עקלעקטיזם איז זשיטלאָווסקי'ס ספּעציפישע קריינק, זיין טעאָרעטישער „אָרגאַנישער פעהלער“.

.2

רוים און צייט.

רוים און צייט זענען די „אייגענשאַפטען“, אין וועלכע עס שפּיעלט זיך אָב דער אייביגער איבערבייט פון אַלץ, וואָס געשעהט. „זיינען מיר, שרייבט זשיטלאָווסקי, אין דער לעצטער צייט אויף מיט זיי געוואָרען ניט גאַנץ זיכער. זינט קאַנט האָט אין זיין „קריטיק פון דעם ריינעם שכל“ א ריהר געטהאָן פון אָרט דעם אונבעוועגליכען וועלטען־רוים, האָט ער, דער וועלטען־רוים, נעבעך, קיין מקום מנוחה ניט אין דעם פילאָזאָפישען געדאַנק. אָט וויקעלט מען איהם צונויף און פרעסט איהם צונויף און נעהמט איהם אין גאַנצען אוועק פון דער וועלט, און בלאָזט איהם אריין אין דעם מענשען'ס נשמה; אָט וויקעלט מען איהם ווידער פאַנאַנדער און העגגט איהם אויף אין דער וועלט אין זיין גאַנצער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיעף. און בעת די נייע־געאָמעטער, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט איהם, גיעבען איהם צו, זינט לאָבאטשעווסקי און ריעמאַן, גאַנץ נייע זייטען און אויסמעסטונגען, פון וועלכע קיין מענשליך שכל'דיג אויג קאָן ניט האָבען קיין ברעקעל השגה, — א פיערטע דימענזיאָן, א פינפטע, אן אונענדליכע צאָהל פון דימענזיאָנען — קומט צו געהן א קויפמאַן מיט זיין „אימאַנענטער פילאָזאָפיע“ און איז ניט נור מבטל די אַלע נייע בערייכערונגען פון דעם רוים; ער רייסט איהם נאָך אָב א „זייט“ פון יענע דריי אָרעמע „זייטלעך“, וואָס ער האָט געהאַט ביז אהער“*).

וואָס אנבעטרעפט די „צייט“ איז זשיטלאָווסקי אויף פאַר איהר גורל ניט גאַנץ רוהיג. אָט איז געקומען בערגסאָן און האָט זיך גענומען פאַר דער צייט. אויף אַזאַ אופן איז איצט „זעהר שווער זיך צו פער'עקשנ'ען אויף דעם געדאַנק, אז רוים און צייט מוזען בלייבען אייביג אין דער פאָרם, אין וועלכער זיי בעוויזען זיך פאַר אונז“.

עס איז גאַנץ מעגליך, אז רוים און צייט וועלען ענדערען זייערע פאָרמען, וועלען בכלל ענדערען זייער טבע. זשיטלאָווסקי מיינט, אז „מיר וועלען ווען עס איז ניט נור אויסרעכענען אויפ'ן פּאַפּיער, נור איינזעהען בחוש, אז צוויי פּאַראַלעלע ליניען קאָנען זיך בעגעגענען אין איין פּונקט“. זשיטלאָווסקי גלויבט, אז אונזער אויג קאָן זיך מיט דער צייט ענטוויקלען אזוי, אז מיר זאָלען זיך קאָנען פאָרשטעלען א פיערטע און פינפטע אויסמעסטונג.

זשיטלאָווסקי'ס פאַנטאַזיע בערוהיגט זיך אָבער דערמיט נאָך ניט. ער געהט נאָך ווייטער: „אין אָנהויב, זאָגט ער, האָט די צייט געהאַט פיער אויסמעסטונגען און דער רוים ניט מעהר ווי איינעם, אָבער, הפּנים, אז זייער זיין געהט להיפך איינער צו דעם אַנדערען: וואָס רייכער עס איז געוואָרען דער רוים, אַלץ אָרעמער איז געוואָרען די צייט. איצטער האַלטען מיר ביי דעם מאָמענט, ווען עס ווערט געבאָרען די פיערטע דימענזיאָן פון רוים, און ווי נור זי וועט געבאָרען ווערען, וועט פערשווינדען די צייט לגמרי. יעמאָלט וועלען די מענשען ניט איינטיילען די צייט אין פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. דער גאַנצער וועלט־געשעהען אין זיין אינוועניגסטען צונויפבונד, וואו עבר, הוה און עתיד זיינען איין און דיזעלבע זאַך, וועט שטעהן קלאָר פאַר דעם מענשליך אויג...“ (זייטע 13).

כדי דער לעזער זאָל קאָנען בעקומען א ריכטיגען בעגריף וועגען רוים און צייט, כדי דער לעזער זאָל פערשטעהן וועגען וואָס אייגענטליך עס האַנדעלט זיך דאָ, האַלטען מיר פאַר נויטיג צו געבען א קליינע ערקלערונג. נאָך דער ערקלערונג וועט דער לעזער פערשטעהן, ווי רייך זשיטלאָווסקי'ס פאַנטאַזיע איז.

רוים און צייט — דאָס זיינען די פאָרמען, אין וועלכע דער מענש ערקענט בכלל אַלע זאַכען אין דער וועלט. מיר קאָנען ניט דענקען אָהן די פאָרמען. רוים און צייט זיינען אָבער די פאָרמען, אין וועלכע עס עקזיסטירען די זאַכען אין דער וועלט, אין וועלכע עס עקזיסטירט, מיט איין וואָרט, די וועלט אליין.

זיינען אָבער פאַרהאַן פערשיעדענע ריכטונגען אין דער פילאָזאָפיע. איינינע פילאָזאָפען אנערקענען, אז רוים און צייט עקזיסטירען ניט אויסער דעם מענשען, ד. ה., אָביעקטיוו. קאַנט, למשל, שטעהט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אז רוים און צייט זיינען פאָרמען, וואָס עקזיסטירען נור אין אונזער בעוואוסטזיין. דאָס הייסט, דער רוים (ווי אויך די צייט) זיינען פאָרמען, אין וועלכע מיר „קוקען אָן“ די וועלט. די וועלט אליין, אונאַבהענגיג פון אונז, האָט ניט קיין רוים און עקזיסטירט אויסער דער צייט. מיט איין וואָרט — רוים און צייט זיינען ניט קיין פאָרמען פון דער אָביעקטיווער ווירקליכער וועלט אליין, נור פאָרמען פון דער מענשליכער „אנשויאונג“. מיר קאָנען זיך דאָ

*) ח. זשיטלאָווסקי, — געזאַמעלטע שריפטען, 2טער באַנד. ז. 9.

ניט אָבשטעלען אויף די פערשיעדענע טעאָריעס וועגען רוים און צייט. מיר נעהמען נור אין בעטראַכט די ריכטונגען וואָס זיינען אונז נויטיג, כדי צו אילוסטרירען אונזער געדאַנק.

אין יעדען ע ר ל ע ב נ י ש אונזערען געפינען מיר, לויט קאַנט, א געוויסען א י נ־ה א ל ט און א געוויסע פ אָ ר ם. דער אינהאַלט ענדערט זיך און קומט פון אויסען. די פאָרם אָבער געהערט אונז אליין און קומט ניט פון אויסען, זי איז אויך שטענדיג איין־און־דיזעלבע. דער רוים, ווי די צייט, זיינען אונבעדינגט נויטווענדיגע פאָרשטעלונגען. מיר קאָנען זיך לייכט פאָרשטעלען, זאָגט קאַנט אין זיין „קריטיק פון ריינעם שכל", אז עס עקזיסטירען ניט קיין זאַכען אין דעם רוים. מיר קענען זיך אָבער ניט פאָרשטעלען, אז עס עקזיסטירט ניט דער רוים. די פאָרמען, ד. ה., דער רוים און די צייט, זיינען די נויטווענדיגע בעדינגונגען פון אַלע ערשיינונגען; זיי בילדען דעם גרונד פון אַלע ערשיינונגען. די אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט פון די פאָרמען (ד. ה. פון רוים און צייט) גאַראַנטירט די אבסאָלוטע ריכטיגקייט פון די געאָמעטרישע אקסיאָמען. עס איז א ב ס אָ ל ו ט נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג, אז מיר זאָלען דענקען, אז צווישען צוויי פונקטען קאָן נור א י י ן גראַדע ליניע דורכגעפיהרט ווערען. רוים און צייט הענגען, לויט קאַנט, ניט אָב פון דער ערפאַהרונג. זיי זיינען געגעבען און עקזיסטירען פ אַ ר יעדער ערפאַהרונג. וואָלטען רוים און צייט געווען בעגריפען, וועלכע ווערען ערוואָרבען נ אָ ך (דורך) דער ערפאַהרונג, וואָלטען די מאַטעמאַטישע אקסיאָמען געווען אָ ב ה ע נ ג י ג פון דער ערפאַהרונג און וואָלטען ניט געווען לאָגיש נויטווענדיג. „די געאָמעטריע איז די וויסענשאַפט, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט די אייגענשאַפטען פון דעם רוים אליין" און דעריבער מוזען, לויט קאַנט, אַלע געאָמעטרישע אקסיאָמען זיין לאָגיש אונבעדינגט און אבסאָלוט נויטווענדיג, אייביגע יסודות אָדער פּרינ־ציפּען.

שטעלט מען זיך אויף קאַנט'ס שטאַנד־פונקט, ד. ה., אנערקענט מען, אז דער רוים עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט, נור איז א סוביעקטיווער פורעם, וועלכער שטאַמט ניט פון דער ערפאַהרונג, נור איז אונז גע־געבען פ אַ ר יעדער ערפאַהרונג, נעהמט מען אָן, מיט איין וואָרט, קאַנט'ס לעהרע, אז די מאַטעמאַטישע און פריהער פון אַלץ די געאָ־מעטרישע אקסיאָמען זיינען לאָגישע נויטווענ־דיגקייטען, ווייל דער רוים (און די צייט), אויף וועלכע די מאַטעמאַטיק איז געגרינדעט, זיינען אזעלכע לאָגישע נויטווענדיגקייטען, דאַן קאָן, פון קאַנט'ס שטאַנדפונקט אויס, קיין רייד ניט זיין וועגען דער מעגליכקייט פון אַן אַנדער

געאָמעטריע, ווי די אונזערע, ד. ה., די עוקלי־דישע. דער רוים האָט נור דריי אויסמעסטונ־גען: די לענג, ברייט און טיעפקייט. און דער דריי־דימענזיאָנאַלער רוים, ד. ה. די דריי אויסמעסטונגען פון רוים זיינען אויך לאָגיש נויטווענדיג. עס קאָן ניט צוגעלאָזען ווערען די מעגליכקייט פון א פיערטער אויסמעסטונג.

דעריבער איז ניט ריכטיג די מיינונג פון ה' זשיטלאָווסקי'ן, וועלכער זאָגט, אז ס'איז בכלל גאָר ניט קיין נפקא מיניה, ווי מען קוקט אויף דעם רוים און די צייט.

„נעהמט איהר אָן, אין איינעם מיט קאַנט'ן, זאָגט זשיטלאָווסקי, אז דער רוים עקזיסטירט ניט דרויסען אין דער ווירקליכער וועלט, נור איז ניט מעהר ווי א געוויסער פור־רעם, וואָס ווערט אַלע ווייַלע געבאָרען פון דעם מענשליכען געמיטה און אז אין דעם פורעם גיסען מיר אריין אַלע איינדריקע פון דער דרויי־סענדיגער וועלט און אויף אזא'ן אופן בעקור־מען זיי אַלע דעם פנים פון רוימליכקייט, — אויב איהר וועט אָננעהמען דעם געדאַנק, איז יעמאָלט אודאי ניט שווער זיך פאָרצושטעלען א צייט, ווען דעם מענשענ'ס געמיטה וועט זיך אזוי פערענדערען, אז דער רוים, וועלכען ער וועט אַלע ווייַלע ארויסברענגען פון זיך, וועט האָבען גאַנץ אַנדערע אייגענשאַפטען, איידער דער איצטיגער; אז אין איהם וועלען מקוים ווערען פאַר אונזער אויג און אונזער שכל יענע מעגליכקייטען זיינע, וואָס אונזער שכל'דיג אויג מוז איצטער לגמרי אָבלייקענען, וואָס ווערען אָבער ארויסגעבראַכט פון דער נייער „פאַן־געאָמעטריע". עס קאָן זיין, אז מיר וועלען ווען עס איז ניט נור אויסרעכענען אויף'ן פאַפּיער, נור איינזעהן בחוש, אז צוויי פּאַראַ־לעלע ליניען קאָנען זיך בעגעגענען אין איין פונקט; אז דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פונקטען איז ניט די אויסגעשטרעקטע ליניע און אז די סומע פון ווינקלען אין א דריי־עק קאָן זיין גרעסער אָדער קלענער, איידער צוויי רעכטע". (ז. 11).

מיר האַלטען, אלזאָ, אז פון קאַנט'ס שטאַנדפּונקט איז די „פאַן־געאָמעטריע" אונ־מעגליך, און זשיטלאָווסקי מיינט גראַדע פערקעהרט.

קאַנט אָבער שטעהט דאָך אויף דעם שטאַנדפונקט — און דאָס ווייסט דאָך גאַנץ גוט זשיטלאָווסקי אויך, — אז די מאַטעמאַטי־שע אקסיאָמען זיינען לאָגישע נויטווענדיגקיי־טען און אז זיי קאָנען נ י ט אָבגעענדערט ווע־רען. מיר שטיצען זיך אויף קאַנט'ס ווערטער און אויף דעם גאַנצען גייסט פון קאַנט'ס פי־לאָזאָפיע. זאָגט דאָך קאַנט אליין אין דער „קריטיק פון דעם ריינעם שכל", אז אויב מען בעטראַכט דעם רוים אַלס עטוואָס, וואָס שטאַמט פון דער ערפאַהרונג, וואָס קומט

פון אויסען און ניט אלס אן אידעאלע פארם, וואס איז אונז געגעבען פאר יעדער ערפאהרונג, וואלטען די מאטעמאטישע אקסיאמען געווען אבהענגיג פון צופאל „און עס וואלט נעמליך *ניט* געווען נויטווענדיג, אז צווישען צוויי פונקטען זאל נור זיין איין גראדע ליניע, נור די ערפאהרונג וואלט עס אונז אזוי צו יעדער צייט געלערנט“. (קאנט. „קריטיק דער ריינען פערנונפט“).

אויב אזוי, הייסט עס, אז זשיטלאווסקי טייטשט ניט ריכטיג אויס קאנט׳ס מיינונג. קאנט׳ס שטרעבונג איז געווען — אזוי צו בעגרינדען די מאטעמאטיק, אז זי זאל בלייבען פעלזען־פעסט אויף אייביג. און צוליעב דעם האט קאנט געשטרעבט אריבערצוטראגען דעם רוים און די צייט פון דער אויסערליכער וועלט אין דאס בעוואוסטזיין, כדי אויף אזא אופן צו מאכען די מאטעמאטיק אונאבהענגיג פון דער ערפאהרונג, פון דעם „צופאל“.

און דעריבער טאקע מיינט דער פאן־געאמעטער ריעמאן, אז די פאן־געאמעטריע איז מעגליך נור אין דעם פאל, ווען מען נעהמט אן, אז דער רוים איז אן עמפירישער בעגריף, ד. ה. א בעגריף, וואס שטאמט פון דער ערפאהרונג.

פון קאנט׳ס שטאנדפונקט אלזא איז די פאן־געאמעטריע, ד. ה. די לעהרע וועגען א סך רוימען, אונמעגליך. איז זי אפשר מעגליך פון דעם עמפירישען שטאנדפונקט, ווי דאס מיינט ריעמאן? מיר מיינען, אז מיר וועלען ניט איבערטרייבען, ווען מיר וועלען זאגען, אז ניט איין מענש האט נאך אין דער ערפאהרונג ניט געזעהען, ניט „וואהר־גענומען“, קיין פיערטע אדער פינפטע אויסמעסטונג. און דאס, וואס ס׳איז אונז אין דער *ערפאהרונג* ניט געגעבען, דאס עקזיסטירט בכלל ניט פאר אונזער *ערקענטניס*. אזוי ארום איז אונמעגליך צו בעגרינדען די פאן־געאמעטריע אויך פון ערפאהרונגס־שטאנדפונקט.

וואס איז אזוינס די „פאן־געאמעטריע“? דאס איז די לעהרע פון דער מעגליכקייט פון פערשיעדענע רוימען. *מיר* קענען נור דעם רוים פון דריי אויסמעסטונגען. די „פאן־געאמעטריע“ לערנט, אז אונזער דריי־דימענזיאנאלער רוים איז נור איין מין צווישען א סך מינים רוימען. מען קען זיך לייכט פארשטעלען, אז עס עקזיסטירען א פיער־דימענזיאנאלער רוים, א רוים מיט פינף אויסמעסטונגען א. א. וו.

די פאן־געאמעטריע בעדייט א גאנצע רעוואלוציע אין אונזער מאדערנער מאטעמאטיק און דערנאך שוין אין דער גאנצער וויסענשאפט. די „פאן־געאמעטריע“ לייקענט אב אלע עוקלידישע מאטעמאטישע אקסיאמען און געהט אויס גאר פון גאנץ אנדערע אקסיאמען. אויף די אנדערע אקסיאמען ווערט געבויט די נייע געאמעטריע, די מעטאפיזישע געאמעטריע, די „*מעטא־מאטעמאטיק*“.

די „מעטא־מאטעמאטיק“ טראגט אריין אין אונזער וועלט־אנשויאונג גאר א נייעם „צוג“. א גרויסער געווינס איז אט די „פאן־געאמעטריע“ פאר די פערשיעדענע מינים מיסטיקער און גלאט „טיפזיניגע“ מענשען, וועלכע מיינען, אז וואס ווייניגער געזונטער מענשליכער שכל, איז אלץ געזינטער.

שטעלט אייך פאר, וואס פאר א געווינס דאס איז פאר די מיסטיקער א פיערטע דימענזיאן. אויסער די דריי אויסמעסטונגען זאל עקזיסטירען כלומרשט א פיערטע און א פינפטע. אויב אזוי, ווערען דאך ענטדעקט גאר נייע וועלטען, וואס זיינען אונז לחלוטין אונבעקאנט. מיר לעבען דערווייל אין א דריי־דימענזיאנאלען רוים. דאס איז *אונזער* וועלט, די וועלט פון דעם געזונדען מענשליכען פערשטאנד און די וועלט פון דער וויסענשאפט. נעהמען מיר אבער אן, אז אויסער אונזער דריי־דימענזיאנאלער וועלט עקזיסטירט אן אנדערע, ענדערען זיך דאך אין גאנצען אונזערע פארשטעלונגען און אונזערע בעגריפען.

דער גרעסטער געווינס איז די מעטא־מאטעמאטיק פאר׳ן ספיריטיזם. ער בעקומט כלומרשט א וויסענשאפטליכע „בעגרינדונג“. לויט דעם ספיריטיזם, עקזיסטירט א פיערטע דימענזיאן, אין וועלכער עס לעבען די גייסטער. ביי געוויסע בעדינגונגען איז מעגליך צו קומען אין בעריהרונג מיט די „גייסטער“, זיי ארויסרופען און מיט זיי זיך צונויפרעדען. ווער ווייס אבער ניט, אז דער ספיריטיזם האלט ניט אויס קיין וויסענשאפטליכע קריטיק. ספינאזא האט שוין אויסגעלאכט דעם ספיריטיזם. אין דעם ספיריטיזם שטעקט א שטיק שארלאטאניזם.

און אט קומט א דענקער, ווי זשיטלאווסקי, וועלכער פרעטענדירט אויף די ראלע פון א פיהרער פון דער ראדיקאלער יוגענד, און רעדט ערנסט וועגען „ספיריטיסטישע“ קונצען, וועגען אונמעגליכע מעגליכקייטען און ד. גל. רעדט דאך זשיטלאווסקי ערנסט, למשל, וועגען דעם, אז עס איז מעגליך, אז אין א שעהנעם פריהמארגען זאל זיך עפענען פאר אונז א נייע וועלט, א פיערטע דימענזיאן פון איין זייט און א זעקסטער *חוש*, א נייער *ערקענטניס־ארגאן*, פון דער צווייטער זייט...

אונז וואלט ניט געקימערט, אויב הערר זשיטלאווסקי וואלט דערמיט געוואלט בעווייזען נור זיין „טיעפזיניגקייט“. פון דעם שטאנדפונקט: „טאמער פערקעהרט“ — און זשיטלאווסקי׳ס מוח פונקציאנירט אזוי, אז ער מוז שטענדיג פרעגען די קשיה: „טאמער פערקעהרט“ — איז דאס גאנץ פערשטענדליך. קומט אבער

זשיטלאָווסקי און מאַכט פון דעם „טאָמער פערקעהרט" געוויסע אויספיהרונגען. דער ספּיריטיסטישער שטאַנדפּונקט פון די נייע *רוימען* און נייע *חושים* אָבער דאַרף דאָך אויך דיענען אלס איינער פון די בעוויזען, אז צום מאַטעריאַליזם איז געקומען „א סוף־און־עק" און אז דער מאַטעריאַליזם גוס'עט. בענוצט ער זיך דאָך מיט זיין „ספּיריטיזם", ווי מיט א „וויסענשאַפטליכען" בעוויז געגען דעם מאַטעריאַליזם. שטעלען דעם „*ספּיריטיזם*" אנטקעגען דעם *מאַטעריאַליזם* — דאָס איז שוין אביסעל צו־פיעל.

און די „פאַן־געאָמעטריע", וועט מען אונז זאָגען?

די „פאַן־געאָמעטריע" איז א *מין מאַטעמאַטישע מעטאַפיזיק*. מיר קאָנען זיך דאָ ליידער ניט אָבשטעלען אויף דעם הארבען פּראבלעם פון דער „פאַן־געאָמעטריע", ווי אויך אויף די פּראבלעמען פון רוים און צייט. איינס איז אָבער זיכער: די פאַן־געאָמעטריע איז דורך־און־דורך מעטאַפיזיש; ד. ה. אין גאַנצען געבויט אויף *ספּעקולאַטיווע בעגריפען*, וואָס האָבען מיט דער *ערפאַהרונג* גאָר ניט צו טהאָן.

אַלע אַקסיאָמען פון דער געוועהנליכער (עוקלידישער) געאָמעטריע קאָנען בעשטעטיגט ווערען דורך דער ערפאַהרונג און זיינען בכלל א *פּראָדוקט* פון דער ערפאַהרונג. די פאַן־געאָמעטריע ווערט אין גאַנצען געבויט אויף בעגריפען, וואָס קאָנען *ניט* בעשטעטיגט ווערען דורך דער ערפאַהרונג. די עוקלידישע געאָמעטריע לערנט אונז, אז צוויי פּאַראַלעלע ליניען קענען זיך קיינמאָל ניט בעגעגנען אין איין פּונקט. די פאַן־געאָמעטריע געהט אויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אז צוויי פּאַראַלעלע ליניען קאָנען זיך *יאָ* בעגעגנען. ביז היינט אָבער האָט די ערפאַהרונג ניט בעשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דעם פאַן־געאָמעטרישען אַקסיאָם. דאָס פאַן־געאָמעטרישע אַקסיאָם זיינען מיר גאָר ניט אימשטאַנד זיך *פאָרצושטעלען*.

אונזערע חושים בעווייזען אונז גראַדע דאָס אומגעקעהרטע.

מיר קאָנען דעם רוים אַנדערש ניט דענקען און אַנדערש זיך פאָרשטעלען, ווי דריי־דימענזיאָנאַל. די צייט קאָנען מיר זיך אַנדערש ניט פאָרשטעלען, ווי א פליסענדען רוים־פּונקט*) ד. ה. די צייט האָט נור איין אויסמעסטונג. מיט איין וואָרט: דער דריי־דימענזיאָנאַלער רוים, די איין־דימענזיאנאלע צייט — זיינען די הויפּט יסודות, אויף וועלכע עס איז אויפגעבויט דער גאַנצער בנין פון אונזער וויסענשאַפט און דאָס זיינען די פאָרמען, אין וועלכע מיר זיינען געצוואונגען צו דענקען און זיך פאָרשטעלען די וועלט.

די מיסטיקער קאָנען „גלויבען" אין וואָס זיי ווילען — דערפאַר זיינען זיי מיסטיקער. איך קען אַזאַ „פּיין־גייסט" און „מיסטיקער", וואָס האָט גאַנץ ערנסט געפּרובט מיך איבערצייגען, אז די „דזשיאַקאָנדאַ" האָט מען גאָר ניט גע'גנב'עט. דאָס האָבען די גראָבע מאַטעריאַליסטען נור אויסגעטראַכט. אין אמת'ען אָבער איז דער דזשיאַקאָנדאַ נמאס געוואָרען דער „לואוור" און זי האָט בעשלאָסען „אַוועקצוגעהן", און איז זיך אַוועק. עס וועט אפשר קומען א צייט, האָט ווייטער פאַנטאַזירט דער „פּיין־גייסט", ווען אַלע בילדער וועלען ארויס פון די ראַמען און וועלען אַוועקשווימען...

מיר קאָנען אַלזאָ *גלויבען* אין פיערטע, פינפטע א. א. וו. דימענזיאָנען. מען קאָן *גלויבען* אין נייע חושים. אין וואָס קאָן מען ניט גלויבען? מען קאָן אפילו *גלויבען*, אז צוויי מאָל צוויי איז א געבראָטענער אָקס. דאָס איז דאָך אָבער נור א גלויבען, ניט קיין וויסענשאַפט. ווילט איהר *גלויבען*, טאָ בערופט זיך ניט אויף וויסענשאַפט, ערפאַהרונג און געזונדען מענשליכען פערשטאַנד.

מיר גלויבען ניט אין קיין נייע חושים און נייע רוימען. פאַר אונז עקזיסטירט נור די עוקלידישע געאָמעטריע — מיר שטעהען בכלל אויף דעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט. דאָס איז אָבער אויך דער שטאַנדפּונקט, אויף וועלכען עס שטעהט בכלל די וויסענשאַפט. דער דריי־דימענזיאַנאַלער רוים און די איין־דימענזיאַנאַלע צייט זיינען אָביעקטיווע פאָרמען, אין וועלכע עס עקזיסטירט די וועלט.

.3

די ערקענטניס־טהעאָריע.

נאָכדעם ווי ה' זשיטלאָווסקי איז אַזוי העלדיש בייגעקומען דעם רוים און די צייט און האָט „אָבגעשאַפט אַלע גרענעצען", האָט ער זיך נאָך מיט גרעסערער העלדישקייט א נעהם געטהאָן פאַר דער מאַטעריאַליסטישער ערקענטניס־טהעאָריע.

„די גאַנצע געזעהענע וועלט — שרייבט זשיטלאָווסקי — איז ניט מעהר, ווי „אידעען", בילדער, פאָרשטעלונגען אין אונז. אָבער מיינט ניט, אז דער מאַטעריאַליזם שטימט מיט דעם ניט איין, אָדער אז ער ווערט פון דעם נתפעל. א ברעקעל ניט!"

און ווייטער: „לאָמיר א פרעג טהאָן — שרייבט זשיטלאָווסקי — איז דער מאַטעריאַליסטישער אבסאָלוטער אמת *וועגען* דער

*) און אין דעם זין קאָן מען זאָגען, ווי איינער אַ דענקער, דריקט זיך אויס, אַז „די צייט איז די פיערטע דימענזיאָן פונ'ם רוים".

וועלט און די וועלט גופא, — איז די פּאָרשטעלונג וועגן דער פינסטערער שטומער מאַסע און די דאָזיגע פינסטערע שטומע מאַטעריעלע מאַסע גופא איין־און־דיזעלבע זאַך? עס פֿערשטעהט זיך, אַז יעדער דענקענדער מאַטעריאַליסט וועט אייך ענטפֿערן, אַז ניין. דער אבסאָלוטער אמת איז אַ געדאַנק. אַ געדאַנק איז אָבער אַ טהייל פון דעם בעוואוסטזיין, אַ טהייל פון דעם פסיכישען געשעהן אין דעם מארך".

און נאָך ווייטער: „הייסט עס, וועט איהר ווייטער פֿרעגען, אַז דער מאַטעריאַליסטישער אמת איז אויך ניט מעהר ווי אַ געדאַנקען־וועלט? און די וועלט־מאַטעריע איז ניט מעהר ווי אַ פסיכישער אַקט, וואָס פערנעהמט ניט קיין איין ברעקעל פּלאַץ אין דעם וועלטען־רוים?

„און דער לעדיגער וועלטען־רוים איז אויך ניט מעהר, ווי אַ פסיכישער אַקט פון דעם בעוואוסטזיין? היינט וואו איז די נפקא מיניה צווישען דעם מאַטעריאַליזם און זיין געגנער, דעם אידעאַליזם? גיט דאָ דער מאַטעריאַליזם ניט אַליין אַוועק דעם געגנער מיט די אייגענע הענד? וואָס לאָזט ער זיך?

„די נפקא מיניה צווישען אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם העננט פסיכאָלאָגיש אויף איין האָאר, אָבער ערקענטניס־טעאָרעטיש און פילאָזאָפיש איז די האָאר אַ גאַנצער תהום, און דער מאַטעריאַליזם לאָזט די האָאר ניט ארויס פון דער האַנד. געוויס מוז דער מאַטעריאַליזם צוגעבען, אַז דער אבסאָלוטער מאַטעריאַליסטישער אמת, די וועלט־מאַטעריע און דער וועלטען־רוים, זיינען אין בעוואסוטזיין ניט מעהר ווי געדאַנקען, ווי פסיכישע אַקטען. אָבער ער איז איבערצייגט, ווייל דאָס פאָדערט דער שכל, אַז אַ חוץ דעם איז דרויסען פון „מיין" בעוואוסטזיין דאָ אַ וועלט, אַז זי איז אַן אויסגעשפּרייטע און אַ מאַטעריעלע — אַ פינסטערע און שטומע מאַסע פון אַטאָמען, וואָס בעוועגען זיך און רופען אין מיין מאַרך ארויס אַ פסיכישע פּאָרשטעלונג פון דעם וועלט־געשעהען. דאָס עמפּפינדען די וועלט און די געדאַנקען וועגען איהר, — אפילו די אבסאָלוט ריכטיגע, — זיינען ריין־פסיכיש, אָבער די אורזאַכען, וואָס רופען ארויס אָט די עמפּפינדונגען און געדאַנקען, זיינען מאַטעריעל" (49—50 זייטען).

די ערקענטניס־טהעאָריע בעשעפטיגט זיך מיט די קוועלען, בעדינגונגען און גרענעצען פון דער מענשליכער ערקענטניס בכלל. כדי זיך ניט אריינצולאָזען אין פרטים, וועלען מיר זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף די פערשידענע ריכטונגען אין דער ערקענטניס־טהעאָריע און אויף די פערשיעדענע פראַגען, מיט וועלכע די ערקענטניס־טהעאָריע בעשעפטיגט זיך.

מיר וועלען זיך אָבשטעלען נאָר אויף איין וויכטיגע פראַגע. און דאָס איז די פראַגע וועגן דער אויסערליכער וועלט.

אין יעדען ערקענטניס־אַקט איז אונז געגעבען דאָס בעוואוסטזיין אָדער סוביעקט, וועלכער ערקענט, און די זאַך אָדער אָביעקט, וואָס מיר ערקענען. מיר אונטערשיידען די פּאָרשטעלונג וועגען דעם בוים פון דעם בוים גופא. די פּאָרשטעלונג וועגען דעם בוים געפינט זיך אין אונזער בעוואוסטזיין. פרעגט זיך אָבער, צי איז אויסער אונזער פּאָרשטעלונג אויך פֿאַרהאַן אַ ווירקליכער בוים. שטעלען מיר די פראַגע בנוגע צו דער גאַנצער וועלט, הייסט דאָס: איז די וועלט מעהר ניט, ווי אַ פּאָרשטעלונג אין אונזער בעוואוסטזיין אָדער די וועלט עקזיסטירט ווירקליך, אויך אויסער אונזער בעוואוסטזיין?

דער אידעאַליזם אין דער ערקענטניס־טהעאָריע לייקענט אָב אין גאַנצען די אויסערליכע וועלט. עס זיינען פֿאַרהאַן נאָר פּאָרשטעלונגען אין אונז און קיין אויסערליכע וועלט, וואָס זאָל זיין פערשידען פון די פּאָרשטעלונגען, עקזיסטירט בכלל ניט.

דער מאַטעריאַליזם (ווי אויך דער רעאַליזם אין דער ערקענטניס־טעאָריע) געהט ארויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די פּאָרשטעלונגען אין אונזער בעוואוסטזיין ענטשפּרעכט אַ וועלט, אַ ווירקליכע וועלט אויסער אונז, ד. ה., אַז דער פּאָרשטעלונג וועגען דעם בוים ענטשפּרעכט טאַקע אַ ווירקליכער בוים אויסער אונז, אַז צווישען דער אויסערליכער וועלט און אונזערע פּאָרשטעלונגען עקזיסטירט אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג, אַז דער ווירקליכער בוים רופט ארויס ערשט די פּאָרשטעלונג וועגען דעם בוים אין אונזער בעוואוסטזיין.

אָט דער מאַטעריאַליסטישער שטאַנדפּונקט געפעלט זעהר ניט דעם ה' זשיטלאָווסקי'ן, וועלכער איז „בטבע" אַן אידעאַליסט. דעריבער פרופט ער זיך בעווייזען די סתירות פון דער מאַטעריאַליסטישער ערקענטניס־טהעאָריע.

דער מאַטעריאַליזם איז דואַליסטיש, ד. ה. ער נעהמט אָן, אַז עס עקזיסטירען צוויי וועלטען: אַ וועלט פון פּאָרשטעלונגען און אַ ווירקליכע וועלט פון זאַכען, געגענשטענדען.

דער מאַטעריאַליזם איז אָבער אין דעם פרט אויף אַזוי פיעל דואַליסטיש, אויף פיעל עס איז דואַליסטיש די ערקענטניס־טהעאָריע בכלל, ד. ה., אויף פיעל דאָס ערקענען איז דואַליסטיש. דער פּראָצעס פון ערקענען איז בטבע דואַליסטיש. האַנדעלט עס זיך דאָך דאָ וועגן שטעלען אַנטקעגען דעם סוביעקט אַן אָביעקט. לאָז זיין, אַז דער אביעקט עקזיס־

טירט ניט אין דער ווירקליכקייט, אז ער איז נאָר א פאָרשטעלונג. ער ווערט דאָך אָבער געשטעלט געגען דעם סוביעקט, וואָס איז ניט דאָסזעלבע, וואָס דער אָביעקט, וועלכער איז דאָך פון איהם פערשידען.

דער מאַטעריאַליזם איז גאָר ניט ווייטער דאָס איינציגע פילאָזאָפישע סיסטעם, וואָס אנערקענט, אז עס עקזיסטירט אן אויסען־וועלט. הייסט עס, אז דער רעאַליזם למשל איז אויך דואַליסטיש. דואַליסטיש אָבער איז בכלל די גאַנצע ערקענטניס־טהעאָריע, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט; דאָס איז אזוי צו זאָגען א פרינציפּיעלער נאַטירליכער דואַליזם, ווייל יעדע ערקענטניס מוז צופאַלען אויף: א סוביעקט און אן אביעקט.

און דער אידעאַליזם? וועט אונז זאָגען ה' זשיטלאָווסקי. דער אידעאַליזם, וועלען מיר ענטפערען, שטעהט אויך אויף דעמזעלבען דואַליסטישען שטאַנדפונקט. אמת, דער אידעאַליזם האַלט זיך פעסט אָן דער מיינונג, אז עס עקזיסטירט ניט קיין אויסערליכע וועלט און אז די פאָרשטעלונגען אין אונז זיינען די זאַכען גופא, ד. ה. אז די גאַנצע וועלט עקזיסטירט אין אונזער בעוואוסטזיין, אין אונז אליין. אָבער אינ'ם ערקענטניס־אַקט, אין בעוואוסטזיין גופא, איז דאָך אויך דער אידעאַליסט געצוואונגען אָנצוערקענען דעם דואַליזם פון סוביעקט און אביעקט. זאָל זיין, אז עס עקזיסטירט ניט קיין רעאַלע וועלט; זאָל זיין, אז דאָס, וואָס מיר רופען אָן וועלט, איז ניט מעהר, ווי א פאָרשטעלונג, א חלום אָדער א אידעע. די פאָרשטעלונג איז דאָך אָבער פערשיעדען פון דעם, וואָס שטעלט פאָר. דער סוביעקט איז דאָך אין זיין בעוואוסטזיין גופא געצוואונגען איינצוטיילען די איבערלעבענישען אין צוויי גרופען: די איינהייט פון די ערלעבניסען אָדער פאָרשטעלונגען מוז צושפּאַלטען ווערען אין א צווייהייט, ווי באַלד מיר רעדען פון סוביעקט און אָביעקט, פון דעם ערקענענדען בעוואוסטזיין און פון דעם ערקענטען געגענשטאַנד, פון די זאַכען, וועלכע, דער סוביעקט ערקענט. דער דואַליזם אין דער ערקענטניס־טהעאָריע איז אונפערמיידליך. דער סכסוך בעשטעהט נאָר דערין, וואָס דער מאַטעריאַליזם שטעהט אויף דעם שטאַנדפונקט, אז דער אָביעקט עקזיסטירט ווירקליך אויסער אונז. דער אידעאַליזם אָבער לייקענט אין גאַנצען די אויסערליכע וועלט און מיינט, אז מעהר, ווי פאָרשטעלונגען אין אונז, עקזיסטירט בכלל ניט. לויט דעם מאַטעריאַליזם בילדען מיר און די וועלט איינס, ד. ה. דאָס זיינען גלייכע רעאַליטעטען. לויט דעם אידעאַליזם אָבער עקזיסטירט די וועלט אין אונז. פרעגט זיך אָבער דאָן, וואו און ווי עקזיסטירען מיר, עקזיסטירט אונזער בעוואוסטזיין? עקזיסטירט אונזער בעוואוסטזיין אויך מעהר ניט אלס פאָרשטעלונג אין דער פאָרשטעלונג אָדער דאָס בעוואוסטזיין איז ווירקליך, רעאַל? און ווייטער, עקזיסטירען אויסער מיין בעוואוסטזיין נאָך אַנדערע מענשען מיט בעוואוסטזיינ'ס אָדער איך עקזיסטיר נאָר אליין? עס איז צו האָפען, אז ה' זשיטלאָווסקי וועט ניט געהען אזוי ווייט און אבלייקענען די עקזיסטענץ פון אַנדערע מענשען, ד. ה. ער וועט זיך ניט שטעלען אויף דעם סאָליפּסיסטישען שטאַנדפונקט, לויט וועלכען עס עקזיסטירט נאָר מיין בעוואוסטזיין, נאָר איך אליין אויף דער גאַנצער וועלט. נעהמט מען אָבער אָן, אז עס עקזיסטירען אויך אַנדערע מענשען, הייסט דאָס, אז מען אנערקענט, אז די מענשען זיינען ווירקליכע, רעאַלע „זאַכען". אויב אזוי איז דאָך שוין קיין אונטערשיעד ניט, צו דער אָביעקט איז א מענש אָדער א באַרג, אָדער א בוים. פרינציפּיעל, הייסט עס, איז שוין אנערקענט א ווירקליכע, רעאַלע וועלט אויסער אונז. פרינציפּיעל, הייסט עס, מוז זשיטלאָווסקי אנערקענען דעם מאַטעריאַליסטישען דואַליזם. פרינציפּיעל הייסט עס מוז זשיטלאָווסקי (דער אידעאַליזם בכלל) אנערקענען די עקזיסטענץ פון אן אויסען־וועלט. געגען דעם ארגומענט קאָן זיך זשיטלאָווסקי ניט ווערען. דער אידעאַליסט קאָן זיך אָבער איינשפּאַרען און זאָגען, אז אויסער זיין בעוואוסטזיין עקזיסטירט קיין זאַך ניט מעהר, ניט קיין וועלט פון זאַכען און ניט קיין מענשען. ער אנערקענט זיך אליין, נאָר זיין אייגענע עקזיסטענץ. די גאַנצע וועלט מיט די מענשען זיינען נאָר א שפּיעל פון זיינע פאָרשטעלונגען. דער שטאַנדפונקט ווערט אָנגערופען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, סאָליפּסיזם אָדער טהעאָרעטישער עגאָאיזם. וועגען דעם סאָליפּסיזם אָבער האָט שוין שאָפּענהויער גאַנץ ריכטיג בעמערקט, אז דאָס איז אפשר אן אויסגעהאַלטענער שטאַנדפונקט, מען טרעפט איהם אָבער נאָר אין דול־הויז. וויל אונז זשיטלאָווסקי אין דול־הויז פיהרען, וועלען מיר און טאָרען מיר זיך ניט לאָזען.

„די גאַנצע געזעהענע וועלט איז ניט מעהר, ווי „אידעען", פאָרשטעלונגען". „דער אבסאָלוטער אמת איז ניט מעהר, ווי א געדאַנק". „די וועלט־מאַטעריע איז ניט מעהר, ווי א פּסיכישער אַקט, וואָס פערנעהמט ניט קיין איין ברעקעל פּלאַץ אין דעם וועלטען־רוים" — אזוי טייטשט אויס זשיטלאָווסקי דעם מאַטעריאַליזם, כדי צו דערווייזען אויף פיעל דער מאַטעריאַליזם איז פול מיט ווידערשפּרוכען. וואָלט דער מאַטעריאַליזם אין אמת'ען געשטאַנען אויף אזא שטאַנדפונקט, וואָלט דאָך טאַקע גאָר קיין אונטערשיעד צווישען איהם און דעם אידעאַליזם ניט געווען. לאָזט זיך

אָבער אויס, אַז דאָס איז מעהר ניט, ווי זשיטלאָווסקי'ס אַ פּירוש. און דעם פּירוש דאַרף ער האָבען, כדי צו בעווייזען, אַז דער מאַטעריאַליזם שטעהט „אונבעוואוסט" אויף דעם אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט.

וואָס אייגענטליך בעדייטען די ווערטער, אַז פאַר דעם מאַטעריאַליסט איז די מאַטעריע, דער אבסאָלוטער אמת ניט מעהר, ווי אַ פּסיכישער אַקט? טענה'ט דאָך זשיטלאָווסקי אַליין וועגען דעם מאַטעריאַליסטישען דואַליזם, בעשולדיגט ער דאָך דעם מאַטעריאַליזם גראָדע דערין, אַז ער אנערקענט, אַז די מאַטעריע עקזיסטירט אויסער דעם בעוואוסטזיין, אין דער ווירקליכער וועלט, אַז די מאַטעריע, די וועלט בכלל איז ניט נאָר אַ פּסיכישער אַקט. וואָלט זשיטלאָווסקי געווען גערעכט, וואָלט דאָך גאָר ניט געווען קיין אונטערשיעד צווישען דעם מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם און דער גאַנצער סכסוך וואָלט נאָר געווען אַ שטרייט איבער ווערטער.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז זשיטלאָווסקי'ס פּירוש איז בכלל ניט קיין ריכטיגער, ווייל קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט געצווייפעלט דערין, אַז אונזערע פאָרשטעלונגען און געדאַנקען געפינען זיך אין אונזער בעוואוסטזיין, אַז די געדאַנקען און פאָרשטעלונגען בילדען דעם פּסיכישען אינהאַלט פון אונזער בעוואוסטזיין, אַז די מאַטעריע, די וועלט זיינען, אויף פיעל מיר דענקען זיי, „געדאַנקען", פּסיכישע אַקטען.

און קומט זשיטלאָווסקי און ערקלערט, אַז די „נפקא מיניה צווישען דעם „מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם הענגט פּסיכאָלאָגיש אויף איין האָר", מוזען מיר אָפען זאָגען, אַז די ווערטער האָבען בכלל קיין זין ניט, ווייל דער גאַנצער פּלפּול האָט קיין שום שייכות ניט צום ענין און דעריבער איז די „האָר" גאָר קיין „האָר" ניט. דער סכסוך צווישען דעם מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם הויבט זיך ערשט אָן דאַן, ווען מען געהט איבער פון פּסיכאָלאָגיע צו דער ערקענטניס־טהעאָריע, ווען עס ווערט געשטעלט די פראַגע: אין וועלכען צוזאַמענהאַנג שטעהט די פאָרשטעלונג צו דעם געגענשטאַנד, דער סוביעקט צום אביעקט.

די פּסיכאָלאָגישע האָר איז גאָר קיין האָר ניט, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט; דער ערקענטניס־טהעאָרעטישער תהום אָבער צווישען דעם מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם איז באמת אַ טיעפער.

דער אידעאַליזם ערקלערט, אַז די וועלט איז נאָר אַ פאָרשטעלונג, אַ חלום. דער מאַטעריאַליזם אָבער אנערקענט די עקזיסטענץ פון אַ ווירקליכער רעאַלער וועלט אויסער אונז. און קומט ווייטער זשיטלאָווסקי און שרייבט, אַז לויט דעם מאַטעריאַליזם איז כלומרש'ט „די וועלט־מאַטעריע ניט מעהר, ווי אַ פּסיכישער אַקט, וואָס פערנעהמט ניט קיין איין ברעקעל פּלאַץ אין דעם וועלטען־רוים", מוזען מיר זאָגען, אַז דער זאַץ איז אויך טאַקע ניט מעהר, ווי אַ „פּסיכישער אַקט", וואָס פערנעהמט קיין ברעקעל פּלאַץ ניט אין דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע. זשיטלאָווסקי גיט אַרויס זיינע פאַלשע מיינונגען פאַר די מיינונגען פון די מאַטעריאַליסטען.

זאָגט מען: די וועלט איז ניט מעהר, ווי אונזער אידעע, אָדער די מאַטעריע איז ניט מעהר, ווי אַ פּסיכישער אַקט, קאָן מען דערפון מאַכען נאָר אידעאַליסטישע אויספיהרונגען און קיין מאַטעריאַליסט וועט בכלל ניט מסכים זיין צו אַזעלכע אידעאַליסטישע בעהויפּטונגען. דער מאַטעריאַליזם איז קיינמאָל אויף אַזאַ אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט ניט געשטאַנען. פאַר דעם מאַטעריאַליסט עקזיסטירט די וועלט ניט נאָר אין אונזער בעוואוסטזיין, נאָר אונאבהענגיג פון אונזער בעוואוסטזיין.

דאָס, וואָס עס עקזיסטירט אין בעוואוסטזיין, איז גאָר ניט די ווירקליכע וועלט, נאָר די „אידעע" פון דער וועלט, די פאָרשטעלונגען וועגען דער וועלט.

און פאָרשטעלונגען קאָנען בכלל ניט אנדערש עקזיסטירען, ווי אין אַ בעוואוסטזיין, וואָס „שטעלט פאָר". די פאָרשטעלונגען בילדען דעם אינהאַלט פון בעוואוסטזיין.

זאָגט מען אַלזאָ: די מאַטעריע אָדער די וועלט איז ניט מעהר, ווי אַ פּסיכישער אַקט, הייסט דאָס נאָר, אַז די פאָרשטעלונגען וועגען דער וועלט, ד. ה. די וועלט אַלס פאָרשטעלונג איז אַ פּסיכישער אַקט. אָבער דאָס הייסט לחלוטין ניט, אַז די וועלט אָדער די מאַטעריע איז ניט מעהר, ווי אַן אידעע אָדער פאָרשטעלונג.

דער אידעאַליזם, וועלכער אנערקענט ניט די עקזיסטענץ פון דער ווירקליכער אויסען־וועלט, פערטיידיגט טאַקע דעם שטאַנדפּונקט, אַז די וועלט איז ניט מעהר, ווי אַ פאָרשטעלונג, אַז די פאָרשטעלונג גופא איז די ווירקליכע וועלט. וואָס האָט דאָס אָבער צום מאַטעריאַליזם? דער גרעסטער „חטא" פון'ם מאַטעריאַליזם בעשטעהט דאָך, לויט זשיטלאָווסקי'ס אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט, גראָדע דערין, וואָס דער מאַטעריאַליזם אנערקענט די עקזיסטענץ פון אַ ווירקליכער מאַטעריעלער וועלט, וואָס רופט אַרויס אונזערע פאָרשטעלונגען. טאָ ווי אַזוי קאָן מען בעשולדיגען פון דער צווייטער זייט דעם מאַטעריאַליזם, אַז ער נעהמט אָן, אַז די וועלט איז ניט מעהר, ווי אַ פּסיכישער אַקט?

גראָדע אומגעקעהרט. מיר ווייסען דאָך, אַז דער מאַטעריאַליזם ערקלערט די פאָרשטעלונגען אין אונז מיט די ווירקליכע זאַכען,

וואָס עקזיסטירען אויסער אונז. צווישען די פאָרשטעלונגען און דער ווירקליכער אביעקטיווער וועלט עקזיסטירט אַן ענגער צוזאַמענהאַנג: די פאָרשטעלונגען „שפּיגלען“ אָדער „בילדען אָב“ די ווירקליכע וועלט. דעריבער קאָן דאָך דער מאַטעריאַליסט בשום אופן ניט שטעהען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די פאָרשטעלונגען בילדען די ווירקליכע רעאַלע וועלט און אַז די וועלט אָדער די מאַטעריע איז **ניט מעהר**, ווי פאָרשטעלונג. די אמת'ע אַבסאָלוטע רעאַליטעט געהערט דאָך גראַדע דער **מאַטעריע אַלס אויסערליכער עקזיסטענץ** און ניט אַלס **פאָרשטעלונג** — אַזוי טייטשט דאָך זשיטלאָווסקי אַליין אויס דעם מאַטעריאַליזם. טאָ וועלכער זשע שטאַנדפּונקט איז דער ריכטיגער? צו איז ריכטיג, אַז, לויט דעם מאַטעריאַליזם, איז די וועלט כלומרש'ט ניט מעהר, ווי א פאָרשטעלונג, א חלום אָדער ס'איז ריכטיג דער צווייטער זאַץ, אַז לויט דעם מאַטעריאַליזם, איז די וועלט כלומרש'ט ניט מעהר, ווי אַ פינסטערע שטומע מאַסע. ענטוועדער־אָדער.

יעדער דענקענדער מאַטעריאַליסט וועט מסכים זיין, זאָגט זשיטלאָווסקי, אַז דער אַבסאָלוטער אמת איז אַ געדאַנק. אויב דאָס איז אַזוי, הייסט דאָס, אַז דער **געדאַנק** איז דער אַבסאָלוטער אמת, הייסט דאָס, אַז דער מאַטעריאַליזם אונטערשיידט זיך ניט פון דעם אידעאַליזם.

ליידער מוזען מיר ווידער בעמערקען, אַז זשיטלאָווסקי טייטשט אויס דעם מאַטעריאַליזם אַזוי, ווי איהם געפעלט דאָס. קיין מאַטעריאַליסט וועט ניט מסכים זיין, אַז דער אַבסאָלוטער אמת איז ניט מעהר, ווי אַ געדאַנקען־וועלט און אַז דער געדאַנק איז דער אַבסאָלוטער אמת. און ווידער מוז אונטערשטריכען ווערען, אַז זשיטלאָווסקי גיט אַרויס דעם אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט פאַר דעם מאַטעריאַליסטישען. דער אַבסאָלוטער אמת איז אַ געדאַנק נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף פיעל מיר **דענקען** איהם אָדער ריכטיגער געזאָגט: דער **געדאַנק וועגען** דעם אַבסאָלוטען אמת איז אַ **געדאַנק**. דאָס הייסט אָבער לחלוטין ניט, אַז דער אַבסאָלוטער אמת איז ניט מעהר, ווי אַ געדאַנק און אַז דער געדאַנק איז דער אַבסאָלוטער אמת. דער „אַבסאָלוטער אמת“ איז דאָך, לויט דעם מאַטעריאַליזם, די **מאַטעריע**, וועלכע עקזיסטירט ניט אַלס **געדאַנק**, נאָר אַלס **אָביעקטיווע רעאַליטעט**. און דער געדאַנק וועגען דעם אַבסאָלוטען אמת, **דער אַבסאָלוטער אמת אַלס געדאַנק**, איז בערעכטיגט נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף פיעל ער שפּיגעלט אָב אין דעם געדאַנק דעם אַבסאָלוטען אמת, וואָס עקזיסטירט אויסער דעם געדאַנק.

זשיטלאָווסקי אָבער פערפּלאָנטערט שטענדיג די בעגריפען אַזוי, אַז דער לעזער בעקומט אַ מין „קאָפּ־שווינדעל“, פון וועלכען ער קאָן זיך שווער בעפרייען. לעזט איהר דאָס, וואָס זשיטלאָווסקי שרייבט וועגען דער מאַטעריאַליסטישער ערקענטניס־טהעאָריע, קאָנט איהר בשום אופן ניט בעקומען קיין קלאָרען בעגריף. פון איין זייט איז דער מאַטעריאַליזם דורך און דורך אידעאַליסטיש; פון דער צווייטער זייט די „פינסטערע און שטומע מאַסע“, וואָס הענגט אויף אַ האָר און וואָס מען קאָן אין גאַנצען „אָהן שום וועהטאָג“ אָבשניידען פון די פאָרשטעלונגען. פון איין זייט איז דער אַבסאָלוטער אמת די געדאַנקען־וועלט; פון דער אַנדער זייט אָבער איז די ווירקליכע וועלט די פינסטערע און שטומע מאַסע, די מאַטעריע און א. וו. א. אַ. וו.

אָט אַזוי שטעלט פאָר זשיטלאָווסקי דעם מאַטעריאַליזם, און מיר מוזען זאָגען, אַז אַזאַ מין מאַטעריאַליזם איז אויך נאָר אַ „פאָרשטעלונג“ (אַ פאַלשע, זעלבסטפערשטענדליך) אין זשיטלאָווסקי'ס פילאָזאָפישען „בעוואוסטזיין“, וואָס „הענגט אויף אַ האָר“.

(ווייטערע קאַפּיטלען קומען)

משה סטאַווסקי

דער „יתום"

(ארץ ישראל שטריכען)

(פאָרטזעצונג)

אַ שטילע נאַכט אַ שבת'דיגע. קיהל און אויסגעשטערענט. ערגעץ אין אַ פענסטער דערברענען די בענשליכט, ערגיץ אין אַ שאָטען פון אַ טוט־בוים, ווייסען זיך אַרבעל פון אַ פרישע העמד. אונטער אַ צווייטען בוים ווייסט זיך אַ בלוזקע און זינגט אַ שטיל, פערבענקט ליעדעל. איין מינוט דאַכט מיר, אַז נאָך אַ סך יאָהרען וואַנדערן בין איך צוריק אין מיין ליעב שטעדטעל אַריינגעפאַלען, עס איז אַ קיהלע ספירה־נאַכט און דער איד מיט די ווייסע אַרבעל איז מיין טאַטע. אָט וועט ער באַלד הויך אָבגענעצען און מיך אָנרופען ביים נאָמען, איך זאָל געהן שלאָפען. וועל איך זיך מאַכען נישט געהערט, וועט ער אַ צווייטען מאָל רופען העכער, וועט זיך דערבאַרמען אַ אינגעל, מיר אונטערשטעלען אַ פיכעל :

— אָט איז ער ! . . .

און די ווייסע בלוזקע איז קיין אנדערע ווי מיין שוועסטערל, וואָס האָט זיך מיט חבר'טעס אונטער אַ בוים פערקליבען און זינגען אַ שטיל פערבענקט ליעדעל אויף די מיידעלשע יאָהרען, וואָס פערשווינדען ווי אַ שאָטען, אַ רויך.

און געוויס איז דאָרטען אויך דאָ אַ ווייבעל אין א בלאָנד פאַרטוך, וואָס דאַווענט פרום, וויינט צו ליכט־בענשען און רעכענט־אויס די נעמען פון אלע קינדער צו געזונד, צום לעבען, צו אַ רפואה שלימה, פונקט ווי מיין מאַמע . . .

אויף די פעלדער האָט זיך אַ שאַקאַל צווויינט און באַלד אַ צווייטער און א דריטער, אַזוי האַרציג, טרויעריג. איינער דעם אַנדערן האָט געפרעגט, איינער דעם אַנדערן האָט געענטפערט, און ווי אַלע וואָלטען אי די פראגע אי דעם ענטפער אויפגעכאַפּט :

„די וועלט געהט אונטער !" . . .

אַ נאַרישער הונט אין קאָלאָניע האָט זיך אָבגערופען און איז באַלד אַנטשוויגען געוואָרען. פון אַ ווייטען פרדס האָט זיך דערהערט אַ פוסטער שאָס. די שומרים האָבען זיך איבערגעפייפט און אויך שטיל געוואָרען.

איך האָב מיין מאַנטעל צוזאמענגענומען און זיך איינגעוויקעלט. פון זייט פון ים בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. די הימלען זיינען אויסגעשטערנט, טיעף און ווייט. און אויף דער ערד איז פינסטער, מיר זעהן זיך נישט איינער דעם אַנדערן און מיר שווייגען אין דער פינסטער.

אמאָל—זאָגט אַ מיידעל, פון דער פינסטער ארויס — אַמאָל האָט דער באַרג געהייסען „הר־השמחה". נאַכט אויף נאַכט, נאָך דער אַרבייט, האָט מען פייער צופיהרט, זיך אָנגענומען ביי די הענד, געזונגען און געטאַנצט.

— מ'האָט דעם באַרג אויסגעטאַנצט—זאָגט אַ צווייטע מיידעל אין דער פינסטער, — אַז עס האָט אויף איהם קיין גראָז נישט געקענט וואַקסען. היינט וואַקסט שוין גראָז.

— אַמאָל—זאָגט די ערשטע—האָט מען אַנדערהאַלבען בישליק*) אַ טאָג פערדינט, פלעגען קומען אַרבייטער, האָבען געאַרבייט און געפיבערט, געטאַנצט און געזונגען. היינט צאָהלט מען צעהן טאָלער**) אוי עס קומען נישט קיין אַרבייטער און די וואָס זיינען געווען זיינען צולאָפען, אָדער חתונה געהאַט, געקראָגען ערד, געוואָרען אַליין בעלי בתים און אַרבייטען מיט אַראַבער . . .

אַ מ אָ ל, אַ מ אָ ל — ס'אַרא מאדנער וואָרט, אָט דער „אַמאָל" איז ! — איך האָב אַ אינגערן ברודער, ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָהר, פלעגט ער אויך זאָגען, אַז אַ מ אָ ל איז אַנדערש געווען . . . אַמאָל איז דער טאַטע געווען אַן אַנדער טאַטע און די מאַמע אַן אַנדער מאַמע, אַלץ איז אַמאָל געווען אַנדערש. ווי יונג עס איז אונזער ישוב — האָב איך געטראַכט — און דאָס שעהנסטע איז שוין אין דער פערגאַנגענהייט.

די בענש־ליכט זיינען שוין געווען אויסגעלאָשען, די ווייסע אַרבעל זיינען געגעצענדיג אין דער שטוב אַריין און נאָך זיך די טהיר פערמאַכט, די ווייסע בלוזקע האָט זיך פון אונטער די שאַטענדיגע ביימער אַרויסגעוויזען. פון הינטער אַ שטוב איז אַרויסגעקומען דער שומר, דער איינציגער העלד אין קאָלאָניע, גאַס אַריין, מיט אַ נאַבוט***) אין האַנד און רעוואָלווער ביים זייט. אימיצער האָט אַ ליעד אָנגעהויבען שטיל. די קאָלאָניע שלאָפט. און שטיל האָט עס דער עולם אויפגעכאַפּט און שטיל בענקענד האָט זיך

*) אַ בישליק איז אונגעפעהר 10 סענט.
**) אַ טאָלער איז 3 סענט.
***) אַזאַ שטעקען.

עס איבער די איינגעשלאָפענע הייזלעך צוטראָ־
גען, זיך אָנגעשלאָגען אָן „הר־השמחה“ און צו־
ריקגעקעהרט פול מיט אומעט.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

ובעת רחמים, בין־השמשות,
שחי ואגל לך סוד יסורי:
אומרים, יש בעולם נעורים,
היכן נעורי? . . . .

— — — — — — — — — — —

פון פיער פענסטער קוקט אריין די נאכט פון דרויסען אין דעם צימער פון די שומרים. ארום די וועגד זיינען נארעס פון נאפט־קעסט־לעך און ברעטער. די שומרים זיינען אויף דער וואך, נאָר פון דער ערד טראָגט זיך א בראָפען פון עטליכע מענשען. די טהיר איז אָפען, און ווער עס האָט קיין נאכט־לעגער, נעהמט דעם קו־לאק צוקאָפענס: לייג זיך און שלאָף.

אריינקומענדיג האָבען מיר אויף אימיצען אָנגעטראָטען. יענער האָט צוגענומען די האנד, געשאָלטען און צוריק איינגעשלאָפען. אימיצער האָט זיך אָבגערופען, נאָך איינער, וואָס איז וואך געווען, האָט איהם דערקענט אָן קול. מ'פרעגט זיך אויס, וואָס מ'מאכט און מ'נעמט אָב א גרוס פון חברים. דער חבר ל. האָט זיך פון א ווינקעל אָנגערופען: ער האלט שוין ביי עפעס עסען און איך געה ערשט שלאָפען.

איך בין מיעד און שלאָף האלב וואכענדיג. א קאלטע נאכט. א געשמאקע. פול מיט פעלד־ריח און הירזשען פון יונגע פערד.

דאָס שטיבעל רודערט. איינער קומט, דער צווייטער געהט אוועק. דער שווענקט דאָס מויל ביים אויפשטעהן און דער ווארפט אראָב די שטיוועל ביים לעגען זיך.

— העי! פילאָזאָף, רוק זיך א ביסעל!

— זעהסט, ווי ער האָט זיך צולייגט.

— אידען, כ'האָב געפונען א פוס.

— טראָג זי אָב אין ועד.*)

עס האָט זיך אָבגעזוכט א בעל הבית אויף דער פוס און ווארפט א שטיוועל.

— חברה, טאָמער לאָזט איהר שלאָפען?!

דער יתום האָט זיך צוהירזשעט ווי א יונג ציגעלע. דערנאָך האָט זיך געהערט א קלאַפ פון שטאל.

— יוסף, האָסט פערשלאָסען די שקאפע? זי וועט דאָך דאָרט דעם יתום א טויט אָנ־באטען.

— א מצוה. — זאָל ער נישט ארומקריכען ווי א מויז.

— נו, נו, חכם! — בנימין וועט קומען, וועט ער דיר ווייזען א מצוה.

יוסף איז אוועק אין שטאל.

*) די פערוואלטונג פון דער קאלאָניע.

פון דרויסען האָט זיך דערהערט א שווער סאָפען פון צוויי נפשות. דער שניידער — א צונאָמען פון א שומר — האָט געכאפט דעם מלמד'ס בהמה.

— אזא מלמד, נאכט אויף נאכט לאָזט ער אָפען דעם שטאל, זי זאָל ארומקריכען אי־בער די כרמים! —

— שניידער! — הערט זיך יוסף'ס קול פון דרויסען—האָסט שוין פערדינט א גארטעל? וויפיעל האָט געקאָסט דער גארטעל?

— נישט דיין דאגה! — צוויי מעדזשידעס בעצאָהלט ער היינט ביי מיר.

— וועסט האָבען צו צעהלען — רופט איי־נער פון ד'רערד ארויף.

פריה איז צוגעפאָהרען צום שטוב, האָט צו־געבונדען די שקאפע צום פענסטער: ער פאָהרט באלד צוריק. ער האָט נאָר געבראכט אן אבאיע מיט מאראנצען און א מעסער, וואָס ער האָט צוגענומען ביים אראבער. ער דער־צעהלט אין צימער אריין:

— איך פאָהר פאר די קאנאדער באָיארעס. פלוצלונג האָט די שקאפע פעררריסען דעם קאָפ און אויפגעשטעלט די אויערען. צווישען די ביימער האָט א שאָרך געטהון. שטעל איך מיך אָב:

„וועך איז דאָרט?“ — מ'ענטפערט נישט. דרעה איך אום די שקאפע צו יענער זייט און לאָז זי אליין געהן. געהט זי אָב א שטיקעל און שטעלט זיך באלד צו. קריך איך אראָב און הייב אָן טאפען אין די גריבער, וואָס ארום די ביימער, ערשט עס קריכט מיר א פאטשיילע אין האנד, דערנאָך א פנים און נאָכ'ן פנים די אבאיע מיט מאראנצען.

צוערשט האָב איך צוגענומען דעם מעסער, דערנאָך האָב איך גענומען שלאָגען. ער האָט נאָר געצעהלט:

אל־לא, אל־לא . . .

די שקאפע האָט דעם קאָפ דורכ'ן פענסטער אין צימער אריינגעשטעקט און האָט אויף מיר מיט איהר אָטהעם א הייץ אָנגעשלאָגען. איך האָב די האנד פון אונטער איהר ארויסגענומען און דעם שווארצען, גרויסען קאָפ געגלעט.

— דו געטרייער פריינד פון מענשען! דערצעהל פון די ברייטע פעלדער, פון די ווייטע מדבריות, פון דער שווארץ־אָבגעברענטען שעיך, וואָס האָט אויף דיר געריטען. און האָסטו איהם אין שלאכט א זיעגער קראנץ דערלאנגט, אָדער דו האָסט זיין ירושה ש'ווערד פארשוועכט, און וואָס רופט ארוים ביי דיר יעדער ביקסען־שוס און דאָס הירזשען פון פרעמדע פערד? —

— — — — — — — — — — —

פארטאָג איז בנימין פון דער וואך געקו־מען און האָט זיך פאָרזיכטיג צוגעלעגט צו מיר אויפ'ן געלעגער. איידער ער איז געקומען האָט זיך מיר אין שלאָף געפלאָנטערט: א ריטער,

א שוואַרץ פערד מיט זילבערנע פּאַדקאָוועס און א פּורפּור־מאַנטעל. א פּרינצעסין אין א שלאָס . . .

— מיין ריטער — האָב איך געזאָגט — צו בנימין׳ען, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געלאָזען פאַר איהם א פּלאַץ.

— מיין ריטער — האָב איך געזאָגט — דערצעהל מיר עפּעס א מעשה, די שעהנסטע מעשה, וואָס דו האָסט אין לאַנד פון לעגענדען אויפ׳ן פערד פון פעלד געבראַכט.

און מיין ריטער אין געשטאַלט פון א בעסאַראַביער בחור, וואָס האָט זיך אָהן א גראַשען אין אָדעס אויפ׳ן שיף געזעצט צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל, האָט זיך נעבען מיר בעקוועמער געמאַכט און אָנגעהויבען א מעשה.

ווייט, ווייט אויף יענער זייט דמשק — איז דאָ אַן אַלט בעדואינען שבט, א ווילדער, א דרייסטער, וואָס לעבט אויף זיין שווערד און פאַר וועלכען עס ציטערן די אַלע ארומיגע דערפער און רעגירונגס־חיל.

דער שבט זיינען זעלטענע רייטער און דער שם פון זייערע פערד טראָגט זיך אַרום, ווי גוטער בוימעל, איבער גאַנץ אַראַביען. און ווערט א נייע שקאַפּע געבוירען אָדער א רייטער פאַר דער שקאַפּע, ווערט זייער אָנקומען אויף דער וועלט אָנגעזאָגט מיט א שיסעריי פון ביקסען און אַכט טעג זינגעריי מיט טענץ און פאַנטאַזיעס אויף די פערד, ביז מ׳ווערט, זיצענדיג אויף די פערד, איינגעשלאָפען.

נאָך מעהר פון גאַנצען שבט האָט גע׳שמ׳ט דער אַלטער שעיך מיט זיין קלוגער שקאַפּע, וואָס האָט געהאַט א ווייס־פלעק אויפ׳ן שטערן און אויף א פוס. פון ווייטע געגענדען פלעגען קומען מהמד׳ס גליביגע און לויבען אַללאַ׳ס נאָמען פאַר די קלוגשאַפט און דרייסטקייט, וואָס ער האָט אריינגעגעבען אין פערד און אין מענשען.

ווען עס פלעגען פיעל געסט צונויפקומען און דער אַלטער שעיך האָט זיי געוואָלט אָנטהון א גענוס, האָט ער זיין שווערד אין זילבערנעם שייד אויפ׳ן זייט אָנגעטהון, דעם מיט זילבער געפלאָכטענעם אגאַל אויפ׳ן קאָפּ, דעם ביקס אין האַנד, זיך געזעצט אויף דער שקאַפּע, וועלכע איז געווען אָנגעזאָטעלט אין א רויטען זאָטעל, מיט רויטע קוטאַסען — און געגאַנגען א פאַנטאַזיע פאַר׳ן געצעלט. געוואָרפען עפּעס פאַר זיך, צולאָזען זיך מיט דער שקאַפּע און עס געכאַפּט אין דער לופטען ; אָדער געוואָרפען אַן עפּעל אין דער הויך, נאָכגעשאָסען און אונטערגעכאַפּט, געלעבערט . . . ביז דער אגאַל האָט זיך איהם אויף א זייט פערדרעהט, אויפ׳ן אַלטען פנים האָט אָנגעהויבען שפּיעלען א יונגע רויטקייט, די אַלטע אויגען האָבען געברענט און ביי דער שקאַפּע האָט א ווייסע שוים פון מויל געשלאָגען.

דערנאָך פלעגען זיך די געסט לאַנג בוקען פאַר׳ן כבוד, וואָס ער האָט זיי אָנגעטהון, דערמאהנען אַללאַ׳ס נאָמען און געוואונשען נאָך לענגערע יאָהר און נקמה פון די פיינד . . .

אָבער „נאָך לענגערע יאָהר און נקמה פון פיינד" איז דעם אַלטען שעיך נישט בעשערט געווען . . .

זיי האָבען געהאַט א סכסוך מיט׳ן צווייטען שבט, וועלכער האָט ביי זיי געמאַהנט אַן אַלטען חוב פון בלוט. נאַכט אויף נאַכט האָט מען דעם שונא ערוואַרט. מ׳האָט פריש געשאַרפט די שווערדען און געריינ׳יגט די ביקסען, און איינמאָל, ווען די זון האָט זיך אין ים געזעצט, די ווייבער האָבען א פייער צופיהרט און צוגעשטעלט קאָכען, די אַלטע לייט האָבען זיך אויפ׳ן בערגעל אויסגעזעצט, עפּעס צו הערען און דערצעהלען — האָט זיך דערהערט א הירזשען פון פערד.

רייטער, א מחנה, ווי פליגען, זיינען צו די געצעהלטען צוגעפאָהרען, די ביקסען אין די הענד זיך אויסגעשטעלט און אויסגעשאָסען אין דער לופטען.

אין איין מינוט זיינען אַלע אויף די פערד געזעסן ; די פערד זיינען געשטאַנען גרייט געזאָטעלט — ווער עס קען נאָר האַלטען א שווערד אין האַנט און ווייס צו שיסען אין ציעל . . .

זיי האָבען זיך אנטקעגען שונא אויסגעשטעלט און געענטפערט מיט א שאָס אין דער לופטען.

אַלע זיינען שטעהן געבליבען און געוואַרט. דער ערשטער איז ארויסגעטראָטען דער אַלטער שעיך, ער האָט זיך מיט׳ן פערד צום שונא דערנעהנטערט, דעם שווערט פון זילבערנעם שייד אין האַנט, און האָט אַזוי גערעדט :

איינער איז אַללאַ און זיין נביא מחמד ! צו וואָס זאָלען מיר ברידערליך בלוט פערגיסען, אונזערע פערד זיינען די בעסטע אין אַראַביען, אונזערע ביקסען נייע פון ענגלישען סאָרט און די יונגען קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען.

שיקט אַרויס אייער עלטסטע און זאָלען מיר שלום שליסען. פופציג נאַפּאָליאָן*) זיינען אונטערן געצעלט בעגראָבען. די בעסטע שעפּסען וואַרטען אויף דער סעודה. זאָלען מיר בעסער לויבען אַללאַ׳ס נאָמען און די שווערדען אין די שיידען לייגען . . .

און נאָך קלוגע ווערטער האָט דער אַלטער שעיך גערעדט. דערנאָך האָט ער די שקאַפּע אויף הינטען צוריקגעזעצט, מיט׳ן פנים צום שונא און האָט זיך געשטעלט פאַר זייניגע.

דער שונא האָט גאָר נישט געענטפערט.

א מינוט איז א געדיכטע שטילקייט געשטאַנען. די ביקסען אין די הענד און געוואַרט. דערנאָך האָבען אַלע מיט אַמאָל אויס־

*) 20 פראַנק־שטיק.

געשאָסען, פערלעגט פרישע קוילען, זיך אָנגעקוקט און געווארט. נאָך צום צווייטען שאָס האָט זיך דער אַלטער אויפ'ן פערד אַ וואַקעל געטהון. ער האָט די האַנד צום האַרץ צוגעטראָגען און ווען ער האָט זי צוריקגענומען איז זי געווען בעפארבט מיט בלוט. ער האָט דעם שווערט צוריק אין שייד געלייגט, דעם ביקס אויפ'ן זאָטעל,ביידע מחנות האָבען איהם נאָכגעקוקט און נאָכגעטהון, שטום האָט מען זיך אומגעדרעהט און צופאָהרען . . . — — — —

— דער אַלטער שעיך איז שוין טויט געווען און האָט פערגעסען איבערצוגעבען, וואו די נאַפּאָליאָנס זיינען בעגראָבען. אויף דער משפּחה איז אָנגעקומען אַ שלעכטע צייט. עס איז נישט געווען ווער ס'זאָל רייטען אויף דער שקאַפּע. אַ סך האָבען געשיקט שלוחים די שקאַפּע צו קויפען. יעדערער האָט דעם ערשטענס פּרייז געהעכערט מיט אַ נאַפּאָליאָן, ביז דער שומר פון חדרהה האָט גאַנצע 5 נאַפּאָליאָן אַרויפגעטריבען, האָט צוויי אונציעס*) קאַווע מיט אַ ראָטל**) צוקער געשטעלט און די שקאַפּע איז געבליבען פאַר'ן אידישען שומר.

*) **) אַזאַ וואָג.

(שלום קומט)

דר. א. גינזבורג

סאָציאַליזם און אידישקייט

מיין אַרטיקעל „אַרבייטס־געזעטצע אין תלמוד", וואָס איז געווען געדרוקט אין פעברואַר נומער „צוקונפט", האָט אַרויסגערופען אַ געוויסע אונצופריעדענהייט אין מאַנכע „ראַדיקאַלע" קרייזען. דאָס וואָלט נאַטירליך ניט געווען קיין גרויסער אונגליק. אַן אַרטיקעל מעג אָדער מעג ניט געפעלען ווערען, פאַר אַלעמען קען מען דאָך ניט יוצא זיין, און עס וואָלט זיך אסור געלוינט אַ וואָרט צו פערלירען ובפרט שרייבען אַ גאַנצען אַרטיקעל וועגען דעם.

איז אָבער די מעשה ניט אַזוי פּשוט: ניט דערפאַר וואָס יענער אַרטיקעל איז געווען שלעכט אָדער אונפערשטענדליך געשריבען האָט ער ניט געפונען קיין לייטזעליגקייט אין די ראַדיקאַלע אויגען; ער האָט געמעגט זיין טויזענד מאָל ערגער געשריעבען און גאָר אין גאַנצען טאָטעריש, וואָלט מען אייך גערן מוחל געווען, אויב דער ט אָ ן און די ר י כ ט ו נ ג וואָלטען געווען אַנדערע.

און אָט וועגען דעם, וועגען דעם דאָזיגען געוואונשענעם טאָן, לוינט זיך שוין דוקא יע צו שרייבען.

אַ אידישער סאָציאַליסט צו אנאַרכיסט צו סתם ראַדיקאַל וועט אייך שרייבען מיט די גרעסטע סימפּאַטהיע און ליעבע וועגען אַלעם אין דער וועלט: וועגען די עגיפּטישע און באַבילאָנישע קולטורען, וועגען די גריכישע קולטור, רוימישע געשיכטע, רעפאָרמאַציאָן, פּראַנצויזישע רעוואָלוציאָן און אפילו וועגען דעם לעבען פון די האָ ט ע נ ט אָ ט ע ן אָדער בושמענער וכדומה. קוים קומט ער אָבער צו אן אידישען ענין, קוים דאַרף ער שרייבען איבער אידישער געשיכטע, מוז ער שרייבען מיט ציין־קריצענעם און מיט פּיענע אויפ'ן מויל . . . דאָס איז פאַר איהם אַ היילינגער חיוב, אַ מין „מצות עשה". ער מוז דוקא „בעווייזען", אַז אידען זיינען אימער געווען די ערגסטע פון די ערגסטע, די נאַרישסטע צווישען די נאַרען, נאָך ערגער ווי די באַרבאַרען, פּשוטע ווילדע; אַז זיי האָבען קיינמאָל קיין זאַך ניט געשאַפען, קיין זאַך ניט געגעבען דער וועלט. האָבען די קריסטען געהאַט, למשל, אַן אינקוויזיציע, מוז מען בעווייזען, אַז אידען האָבען עס אויך געהאַט. און אום דאָס צו „בעווייזען" האַלט מען זיך פון קיין זאַך ניט אָב: אַלעס איז רעכט, אַלעס איז מותר. אַ ביסעל פעלשעווען, אַ ביסעל פערדרעהען דעם פּשט, אַ ביסעל פערבייטען די נעמען, אַ ביסעל פערפּלאָנטערען די עפּאָכען, אַרויסכאַפּען עטליכע ווערטער פון אַ זאַטץ און ד. ג. קורץ, מען שעהמט זיך ניט צו געברויכען די מעטהאָדען פון אַן א י י ז ע נ מ ע נ ג ע ר, ר אָ ל ל י נ ג ע ר, ב ר א פ מ א ן, ל י ו ט ע ס ט אַ נ ס ק י און פּ ר אַ נ אַ י ט י ס. אויף אַזאַ אופן, למשל, איז לייכט צו בעהויפּטען, אַז ביי אידען איז ניטאָ קיין „טהרת־המשפּחה" און בעווייזען עס דערמיט, וואָס אברהם אבינו האָט חתונה געהאַט מיט שרה'ן, וועלכע איז געווען זיינע אַ שוועסטער פון איין

טאַטען, אָדער דערפון וואָס דוד האָט צוגענומען בת־שבע'ן פון אוריה'ן.

און דאָס אַלעס ווערט געטהאָן ניט אויס איינגעבאָרענער שלעכטסקייט אָדער רשעות, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די אויבען־דערמאָנטע אנטיסעמיטען. דאָס ווערט געטהאָן לשם שמים, לשם דעם סאָציאַליזמוס, לשם דעם פרייען געדאנק. דורך א געוויסע אידעען־פערבינדונג ווערט ביי זיי אין די מוחות פערבונדען אידישע געשיכטע מיט דער אידישער רעליגיאָן, און אידישע רעליגיאָן מיט אַלערליי אבערגלויבונגען און ווילדע משוגעת'ן, וועלכע איז א מצוה צו פערטיליגען און פערניכטען.

דיעזע לייטע ווייסען ניט אָדער מאַכען זיך ניט וויסענדיג, אַז אבערגלויבעריי איז אַלמענשליך און על פי רוב אינטערנאַציאָנאַל; אַז אַלע פעלקער האָבען בייגאהע די זעלבע אבערגלויבענס, מעהר ניט זיי קריגען ביי יעדען פאָלק אַ בעשטימטע נאַציאָנאַלע פארבונג; אַז אידען זיינען אין דיעזען הינזיכט קיין אויסנאַהמע ניט, און אַז עס איז ניטאָ קיין ספּעציעל אידישער אבערגלויבען. (זעה „געשיכטע דעם אבערגלויבען" פון דאָקטאָר לעהמאַן און „מעשי תעתועים" פון דר. רובין). און אויב אידען זיינען געוויסערמאַסען יע אן אויסנאַהמע, איז עס גיכער צום בעסערען, ווייל דער אידישער דין בעקעמפּפט פיעלע אבערגלויבענס „משום דרכי האמורי". עס פערשטעהט זיך, אַז דער אידישער דין טהוט עס ניט אויס דעם גרונד פון פריידענקעריי; עס איז פּשוט אַ קאַמפּף פון איין גלויבען געגען אַן אַנדערען, פון דעם נייען געגען אַלטען. אבעגלויבעריי איז אין תוך גענומען בלויז אַן איבערגעלעבטער און אבגעלעבטער גלויבען. דאָס וואָס מען רופט היינט אבערגלויבען איז אַ מאָל געוועןן ריינער גלויבען, און דאָס וואָס מען רופט היינט גלויבען וועט שפּעטער הייסען אבערגלויבען. די אַמאָליגע געטער ווערען מיט דער צייט שדים און דעמאָנען, און וואָס פון די איצטיגע געטער וועט ווערען, קען מען זיך פאַרשטעלען. די מענשהייט שטעהט ניט אויף איין אָרט, איהרע גלויבענס און איבערצייגונגען האַלטען זיך אין איין בייטען און ענדערען, אָבער די אַלטע גלויבענס ווערען ניט אין גאַנצען פערניכטעט מיט אַ מאָל. עס נעהמט יאָהר־הונדערטע, זאָגאַר יאָהר־טויזענדע ביז וואַנען דאָס פאַסירט. וועהרענד די געבילדעטערע שיכטען האָבען שוין לאַנג נייע גלויבענס, האַלט זיך נאָך דער פּראָסטער עולם אָן זיינע אַלטע אָדער אַ געמישעכץ פון אַלטע און נייע. קיינעם וועט אָבער ניט איינפאַלען צו בעהויפּטען, אַז די פראַנצויזען, די ענגלענדער אָדער די דייטשען זיינען באַרבאַרען, ווייל זיי גלויבען, למשל, אַז דרייצעהן איז אַ שלים־מזל'דיגער צאָהל און אַז פרייטאג איז ניט קיין מזל'דיגער טאָג (דאָ איז כדאי צו בעמערקען, אַז דיעזער ריין קריסטליכער אבערגלויבען איז שוין דאָ ביי אידען אויך, אפילו ביי פריידענקער. דאָס קען בעווייזען אויף וואָס פאַר אַן אופן אבערגלויבענס ווערען איבערגענומען פון איין פאָלק ביי דעם אַנדערען). די זעלבע לייטע, וואָס וועלען זיך דאָס ניט ערלויבען צו טהאָן מיט די פראַנצויזען, וועלען אָבער מיט אַ גאַנץ לייכטען האַרצען בעשולדיגען אידען אין באַרבאַריי, ווייל זיי שלאָגען כפּרות און געהען צו תשליך...

* * *

און איצטער, נאָך דיעזער קליינער הקדמה, וועלען מיר צוקומען צום ענין:

די אויסזעצונגען געגען מיין אַרטיקעל זיינען געמאַכט געוואָרען פון א געוויסען שרייבער, וועלכער האָט געזוכט צו „בעווייזען", ווי דאַרף מען בעהאַנדלען אַרבייטער נאָך דעם „אידישען דין". (איהר פערשטעהט, נאָך דעם אידישען דין! דין, הייסט עס, שמעקט שוין מיט פינסטערנים און אבערגלויבען וכדומה. מיט דעם געברויכען דעם וואָרט „דין" אנשטאַט „געזעטץ", וואָס איך האָב געברויכט, האָט ער מיר געוואָלט אַרויסנעהמען אַן אויג).

זיינע איינוווענדונגען קענען איינגעטהיילט ווערען אין דריי קלאַסען (דיעזע איינטהיילונג האָט יענער שרייבער ניט געמאַכט, ווייל ער צייכענט זיך אויס מיט אַ סיסטעמלאָזיגקייט אין זיין דענקען און שרייבען):

1) פאַר וואָס זאָלען עפּעס אידען זיין אַן אויסנאַהמע פון אַלע אומות, אַז ביי זיי זאָל ניט גילטען דער כלל פון קלאַסען־קאַמפּף און קלאַסען־אינטערעסען?

2) אַז די אַלע גוטע געזעטצע האָבען דעם אַרבייטער גאַנץ ווייניג געקענט העלפען, ווייל דער אַרבייטער איז געוועזן געצוואונגען צו בעשטעהן אויף אַלעס, די נויטה האָט איהם דערצו געצוואונגען. צוליעב דער נויטה האָט דער אַרבייטער געמוזט בעשטעהן אויף אַלץ, און קוים איז ער בעשטאַנען האָט ער שוין מעהר ניט געקענט האָבען קיין תביעות צום בעל־הבית.

3) אַז עס זיינען דאָ אי גוטע אי שלעכטע דינים פאַר דעם אַרבייטער. דער פרומער אַרבייטער קען זיך צוזאַמענשטעלען אַ גוטען אַרבייטער־שולחן ערוך, און דער פרומער בעל־הבית — אַ גוטען קאַפּיטאַליסטישען שולחן ערוך.

קשיא נומער איינס. מיין אויפגאַבע איז ניט געוועזן צו ערקלעהרען פאַר וואָס אידען זיינען אַן אויסנאַהמע פון אַלע פעלקער. איך האָב עס אפילו ניט געוואָלט בע־

הויפּטען. איך האָב בלויז צוזאַמענגעקליבען פּאַקטען צו בעווייזען, אַז דאָס תלמודישע געזעטץ האָט בעסער, ווי דאָס געזעטץ פון די אַנדערע אַלטע פעלקער פון יענער צייט, בעהאַנדעלט סאַי דעם „עבד כנעני“ סאַי דעם „עבד עברי“, און האָט אויך געזוכט צו בעשיטצען דעם „פּועל“. אויב דיעזע פאַקטען קענען ניט אבגעלייקענט ווערען, אויב דיעזע פּאַקטען בעווייזען, אַז אידען זיינען אין דיעזען הינזיכט געווען אַן אויסנאַהמע פון אַנדערע אומות, דאַן איז איינס פון די ביידע: אָדער דער קלאַסען־קאַמפּף פּרינציפּ איז ניט אימער גילטיג אָדער עס זיינען געווען געוויסע אורזאַכען, וואָס האָבען דאָס אידישע פּאָלק געמאַכט אַנדערש ווי אַלע. אין ביידע פּעלע אָבער זיינען די פּאַקטען נעבעך ניט שולדיג, און מען קען זיי ניט אבלייקענען בלויז דערפאַר, וואָס אַן אַנהייגער פון אַ געוויסע לעהרע ווייס ניט ווי אַזוי זיי צו ערקלעהרען. אַנשטאַדט צו קומען מיט אַזאַ קשיא, האָט יענער שרייבער בעסער געדאַרפט זוכען צו ערקלעהרען די פּאַקטען, אַז זיי זאָלען זיין איבעראיינשטימענד מיט זיינע אמת'ען.

און מיר דאַכט, אַז דאָס דאַרף גאָר ניט זיין אַזאַ שווערע אַרבייט פאַר איינעם וואָס פערשטעהט דעם איננערען זינן פון דעם מאַרקסיזמוס, וואָס איז ניט סתם אַ נאָכפּלאַפּלער פון אָנגענומענע פראַזען. צווישען אַנדערש וועלען מיר אָנווייזען, צום ביישפּיעל, אויף פאָלגענדעס: דאָס אידישע פאָלק איז שטענדיג, אפילו אין זיינע בעסטע צייטען, געווען קליין און אָרעם, אונטערדריקט סאַי פּאָליטיש, סאַי עקאָנאָמיש. און עס זיינען שטענדיג די אונטערדריקטע און פערפאָלגטע, וועלכע רעדען פון גערעכטיגקייט און רחמנות. די אונטערדריקער און פערפאָלגער דאַרפען עס ניט, זיי פערמאַגען דעם פויסט, זיי בעזיטצען די מאַכט. עס איז אין די אינטערעסען פון די שוואַכערע צו פּריידיגען גערעכטיגקייט, פּונקט ווי עס איז אין די אינטערעסען פון די אַרבייטער צו פּריידיגען סאָציאַליזם. עס זיינען דאַרום געווען די אידען, וואָס האָבען נאָך אין די אַלטע צייטען אַרויסגעגעבען פון זיך די נביאים, די שטאַרקסטע רעבעלען געגען דער עקזיסטירענדער אונגערעכטיגקייט, ניט בלויז אין זייער אייגען לאַנד און ביי זייער אייגען פאָלק, נאָר אויך צווישען די אַרומיגע פעלקערשאַפטען. דאָס אידישע געזעטץ, זייענדיג אַ געזעטץ פון אַן אָרעמען און אונטערדריקטען פאָלק, איז דאָס געזעטץ פון דעם אָרעמען און אונטערדריקטען, דאָס געזעטץ פון די יעניגע, וואָס האָבען טענות און תביעות אין נאָמען פון דער גערעכטיגקייט. דאָס אידישע געזעטץ איז דעמאָקראַטיש, און טאַקע דאַרום האָבען די אידישע רייכע קלאַסען קיינמאָל ניט געוואָלט וויסען פון איהם. אַזוי איז עס געווען פריהער אין די צייטען פון די נביאים, אַזוי איז עס אויך געווען שפּעטער, ווען די העכערע קלאַסען זיינען געוואָרען העללעניסטען און צדוקים. ווען די צדוקים האָבען פערלאָרען זייער מאַכט און זייער געזעטצבוך איז פערניכטעט געוואָרען, האָט דאָס פאָלק געמאַכט אַ יום טוב. דאָס איז געווען דער אַריסטאָקראַטישער געזעטץ־בוך. עס וואָלט ווירקליך געווען אַ בעוויז געגען דעם מאַרקסיזם, ווען דאָס אידישע געזעטץ וואָלט ניט געווען אַנדערש פון דעם רוימישען, למשל. אַנדערע אומשטענדע מוזען אַרויסרופען אַנדערע געזעטצע.

קשיא נומער צוויי. אַז די אַלע גוטע געזעטצע האָבען דעם אַרבייטער גאַנץ ווייניג געקענט העלפען, ווייל די נויטה האָט איהם געצוואונגען צו בעשטעהן אויף אַלעס. דאָס איז שוין מעגליך און דאָס נעהם איך זיך ניט אונטער צו בעשטרייטען. מיר ווייסען אַלע ווי אַזוי די געזעטצע צו גונסטען פון די אַרבייטער ווערען פערקריפּעלט און צודרעהט און האָבען אַ קנאַפּע בעדייטונג אין פּראַקטישען לעבען. עס איז מעגליך, אַז דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט דאַמאַלס מיט די תלמודישע געזעטצע, אָבער דאָס האָט דאָך לחלוטין ניט צו טהאָן מיט דעם ענין, וועלכען איך האָב בעהאַנדעלט. איך האָב בלויז גערעדט וועגען דעם כאַראַקטער פון דיעזע געזעטצע און ניט ווי זיי זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אין פּראַקטישען לעבען. איך זאָג „עס איז מעגליך“, אָבער זיכער אין דעם בין איך ניט, ווייל דאָס אידישע געזעטץ איז ניט געווען בלויז געזעטץ נאָר אויך „דין“. דער חלוק איז אַ גאַנץ בעדייטענדער. אַ געזעטץ ווערט געמאַכט פון דעם שטאַאַט אָדער געזעלשאַפט זיך צו פערטהיידיגען פון דעם יחיד; דער יחיד איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דער געזעלשאַפט, און זי בעשטראַפט איהם, ווען דאָס געזעטץ ווערט איבערטרעטען. אין דעם „דין“ קומט אַריין אַ גאַנץ נייער עלעמענט. ניט בלויז איז דער יחיד פעראַנטוואָרטליך פאַר דער געזעלשאַפט, נאָר ער איז אויך פעראַנטוואָרטליך פאַר זיך, פאַר זיין אייגענעם געוויסען, פאַר זיין גאָט. ניט אבהיטען דעם „דין“ איז ניט בלויז אַ פערברעכען געגען דער געזעלשאַפט, נאָר אויך אַ פערברעכען געגען מאָראַל, גאַנץ פּשוט אַן עבירה. עס קען טאַקע דאַרום גאַנץ גוט געמאַלט זיין, אַז דער „דין“ האָט געהאַט אַ שטאַרקערען איינפלוס אויפ'ן לעבען אַלס דאָס געזעטץ.

צו „בעווייזען“, אַז די געזעטצע זיינען ניט געווען גילטיג, דערצעהלט דער הערר סתמכיקין, אַז דער „תנא ר' יהודא הנשיא“ פּסק'ענט בפירוש, אַז „ווען ביין שליסען אַ קאָנטראַקט מאַכט מען אָב, אַז מען איז מוחל אַלע טובות און בעשיטצונגען, וואָס איין צד דאַרף האָבען לויט די דינים פון דער

תורה, איז דער אָבמאַך גילטיג און אַלע גוטע
געזעטצע פון דער תורה זיינען שוין בטל". „דורך
אַזעלכע קונצען", טריאומפירט ער, „האָבען די
פרומע בעלי בתים זיך אימער ארויסגעדרעהט
פון די גוטע געזעטצע פאַר ארבייטער".

אַז די פרומע בעלי בתים האָבען זיך אַזוי
ארויסגעדרעהט, קען שוין זעהר געמאלט זיין :
אויף אַ פרומען בעל הבית איז אַלעס צו גלוי־
בען. אָבער וואָס איז נעבעך „ר' יהודא הנשיא"
שולדיג ? ער האָט עס קיינמאָל ניט געזאָגט
און קיינמאָל אַזוי ניט גע'פסק'ענט, עס איז
פשוט אַ בלבול אויף איהם. און שולדיג אין
דעם בלבול איז טהיילווייז יענעם שרייבערס
עם־הארצות און טהיילווייז דער פערלאַנג אנצו־
זאלצען „אידישקייט".

ר' יהודא הנשיא אָדער „רבי" און „רבינו
הקדוש" איז געווען דער רעדאקטאָר פון דער
מ ש נ ה. ער האָט געוועלט געבען אַ מעהר
אָדער ווייניגער קלאָהרע געזעטצגעבונג, און האָט
פיעלע מיינונגען וועגען געזעטצע מיט וועלכע
ער איז ניט געווען איינפערשטאַנדען ניט אַריינ־
גענומען אין זיין זאמלונג. יענע זיינען בעקאַנט
אונטער דעם נאָמען „בריתות" (די ניט אַריינ־
גענומענע). נון, אַלזאָ, די משנה (די ווערק פון
ר' יהודה הנשיא) פסק'עט בפירוש : „כל
המתנה על מה שכתב בתורה תנאו בטל" —
ד ע ר וּ ו אָ ס מ א כ ט ב ע ד י נ ג ו נ ־
ג ע ן אַ נ ד ע ר ש וו י ע ס א י ז
ג ע ש ר י ע ב ע ן א י ן ד ע ר ת ו ר ה,
ז י י נ ע ן ד י ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן נ י ט
ג י ל ט י ג.

געפינט זיך אָבער אַ בריתא (אַ ניט־אַריינ־
גענומענע הלכה), וואָס לויטעט אַזוי : „אַז
איינער זאָגט צו א פרוי : איך גיב דיר קידושין
מיט דער בעדינגונג, אַז איך דארף דיר מיט
קיין זאַך ניט אויסהאלטען, ווערט זי זיין ווייב
און זיין בעדינגונג איז בטל, אַזוי זאָגט ר'
מאיר ; ר' יהודה זאָגט אין געלד־זאַכען איז
די בעדינגונג גילטיג."

איז דאַך דאכט זיך גוט, טהוט אָבער גאָט
אַ נס און מאַכט, אַז ד ע ר ר' י ה ו ד ה
פ ו ן ד ע ר ב ר י ת א א י ז נ י ט
ר' י ה ו ד ה ה נ ש י א ; ער איז גאָר אַ
צייט־גענאָסע פון ר' מאיר אן זיין „בר פלוגתא"
אַ ו ן ה אָ ט ג ע ל ע ב ט מ י ט אַ
ד ו ר פ ר י ה ע ר. אַזוי איז נעבעך דער
„למדן" פון דער בעוועגונג מיאוס אַריינגע־
פאַלען.

אויף ר' יהודה הנשיא האָט אַ פנים דער
דאָזיגער שרייבער אַן אלטען כעס, נאָך פון
יענער צייט, ווען ער האָט זיך ענטזאגט צו
שפייזען די עמי־הארצים . . . אָבער, ליעבער
פריינד, ווער הייסט אייך פערטייטשען דעם
אמאָליגען תלמודישען „עם־הארץ" — פראָסטער
מענש ? . דאָס האָט דאָך שוין געטהאָן פאַר

אייך דער מיסיאָנערסקער גלח, דער מחבר פון
„נתיבות עולם" ?

און איצטער קומען מיר צו ק ש י א
נ ו מ ע ר ד ר י. דאָ האָט יענער שרייבער
דערווייל נאָך ניט געפּרובירט צוזאַמענשטעלען
דעם קאַפּיטאַליסטישען שולחן ערוך ; דאָס האָט
ער פערשפּראָכען צו טהאָן אם ירצה השם
שפּעטער. דערווייל האָט ער זיך בענוגענט
דערמיט, וואָס ער האָט ערגעץ אויסגעקראַצט
א גמרא אין בבא מציעא און „בעוויזען" ווי די
רבנים פלעגען מאַכען קונצען „צו קריגען אידי־
שע ארבייטער פאַר שקלאַפען".

אָט ווי ער גיט איבער די מעשה : „אין
בבל זיינען געווען רבנים וועלכע פלעגען מאַכען
אָט אַזאַ קונץ, צו קריגען אידישע אַרבייטער
פ אַ ר ש ק ל אַ פ ע ן, אז זיי זאָלען מעגען
מיט זיי טהאָן וואָס זיי ווילען : דאָרטען איז
געווען א געזעץ פון די גוי'עשע רעגיערונגען, אז
יעדער איד האָט געמוזט צאָהלען צום מלך (דעם
גוי'עשען) קאָפּ־שטייער (פער קאַפּיטע טעקס).
האָבען די רבנים אויפגעזוכט אָרעמע אידען,
וואָס האָבען דיעזען פּאָדאַטעק ניט בעצאָהלט,
און האָבען פאַר זיי בעצאָהלט „א גילדען" (זוזי).
דערפאַר האָבען די רבנים געקראָגען פון די
„גוי'עשקע הענד" דאָס רעכט צו האַלטען אזעל־
כע אידען פאַר זייערע שקלאַפען. זאָגט די
גמרא בפרוש, אז די רבנים פלעגען מיט דיזע
אידישע שקלאַפען ארבייטען זעהר שווער
(„ומשעבדי בהו טפי") און אז די דאָזיגע רבנים
האָבען דערמיט גאַנץ ריכטיג געהאַנדעלט. ווייל
די אידען, וואָס צאָהלען ניט קיין קאָפּ־שטייער,
זיינען, לויט דעם דין פון מלכות, שקלאַפען צום
מלך, און דינא דמלכותא דינא — דאָס געזעץ
פון מלכות גילט פאַר די אידישע רעליגיאָן אויך
אלס א דין. „און דער קעניג זאָגט, ווער עס
צאָהלט ניט קיין קאָפּ־שטייער זאָל זיין א
שקלאַף צו דעם וואָס צאָהלט".

אָט אַזוי גיט איבער יענער שרייבער די
מעשה פון דער גמרא. ווי איז עס אָבער אין
דער אמת'ן ? איך ווייס ניט צי מיר וועט גע־
לינגען זיך צו מאַכען פערשטענדליך פאַר יענע
לעזער פון דער „צוקונפט", וועלכע קענען ניט
לערנען און קענען ניט נאָכקוקען די קוועלען ;
איך וועל עס אָבער פּרובירען טהאָן.

יענע מעשה געפינט זיך צוויי מאָל אין
דער גמרא, איינמאָל אין בבא מציעא ע"ג און
דעם צווייטען מאָל אין יבמות מ"ו.

אין ב"מ ווערט די מעשה געבראַכט בנוגע
צו א פראַגע וועגען נעהמען צינזען (פּראצענט).
ניט בלויז איז פערבאָטען צו נעהמען דירעקטע
צינזען, נור אויך אונדירעקטע צינזען (אבק
רבית). נון, פרעגט זיך דאָרטען, ווי אַזוי פלע־
גען זיך מאַנכע בענוצען מיט די אַרבייט פון
יענע אַרבייטער פאַר וועמען זיי פלעגען בע־

צאָהלען דעם קאָפּ־שטייער, דאָס איז דאָך עהנליך אויף צינזען?

אין יבמות ווערט דיזעלבע מעשה געבראַכט בנוגע צו דער פראַגע וועגען שקלאַפעריי. דער שכל איז מחייב, אז דער שרייבער, וועלכער האָט געוואָלט „בעווייזען“, „ווי די רבנים פלעגען מאַכען קונצען צו פערשקלאַפען אידישע אַרבייטער“ האָט געדאַרפט ברענגען די גמרא פון יבמות. פאַר וואָס האָט ער געבראַכט די גמורא פון ב"מ?

דער תירוץ איז א פשוטער. ווען ער ברענגט די מעשה פון יבמות, וואָלט יעדער געקענט זעהן, אז דער גאַנצער פשט'על זיינער איז במחילה א גראָבער ליגען.

אָט איז די גמרא פון יבמות:

„אמר ליה רב פפא לרבא: חזי מר הני דבי פפא בר אבא דיהבי זוזי לאינשי לכרגייהו ומשעבדי בהו כי נפקי צריכו גיטא דחירותא או לא?“ אמר ליה: „איכו שביכי לא אמרי לכו הא מלתא; הכי אמר רב ששת: מוהרקייהו דהני בטפסא דמלכא מנח, ומלכא אמר מאן דלא יהיב כרגא משתעבד למאן דיהיב כרגא“.

און אָט איז וואָס ר"שי זאָגט וועגען דעם:

„כשאין נותנין כסף גלגולת למלך תופסים אותם גבאי המלך. והני דבי פפא עשירים היו ופורעים המס לגבאי המלך וקונין אותם לעבדים מהם, ונכרים היו אותם הנקנין, וקא מיבעיא ליה: אי הוה קנין דלכי נפקי מיניה לבעי גיטא דחירותא או לא?“.

און ווייטער זאָגט ר"שי:

„הלכך מכר הוא ובעי גיטא דחירותא אי בעו לאגיורי ולאשתרויי בבת ישראל“.

פון דער מעשה אין יבמות זעהט מען אלזאָ ערסטענס, אז דאָס האָבען ניט געטהאָן די רבנים, נור א געוויסע רייכע פאַמיליע, וועלכע האָט געהייסען פפא בר אבא, צווייטענס, אז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען אידען, נור וועגען אן עבד־כנעני. די פראַגע איז ווי באַלד, אז ער איז געקויפט געוואָרען אויף אזאַ ניט געוועהנליכען אופן, בלויז פאַר זיין קאָפּשטייער, צו איז ער איבערהויפט א שקלאַף? צו דאַרף ער האָבען א בעפרייאונגס־דאקומענט, אויב ער וויל זיך מגייר זיין און חתונה האָבען מיט א אידישע טאָכטער?

איבריגענס, אין ב"מ גופא, מאַכט דער תוספות אויפ'ן אָרט: „אית ספרים, דלא גרסי „טפי“, שלבסוף היו מחזירים להם מעות הכרגא שנותנין בעבורם, וכל מה שהיו משעבדים בהם היה בשכר הלואה“. — עס זיינען דאָ ספרים, וואו דער „טפי“ געפינט זיך ניט (אויף דיזען וואָרט „טפי“ — גוט, פיעל — האָט זיך עס דער „למדן“ אָבגעשטעלט), ווייל ביין ענדע פלעגען זיי אָבצאָהלען דעם שטייער, און די ארבייט איז בלויז געווען אלס א „באָנוס“, א בעגינסטיגונג פאַר דער הלואה. דאָס אליין איז גענוג צו פערוואַרפען דעם גאַנצען פלפול פון יענעם „למדן“.

די קראָקאָדילען טרערען, וואָס ער פערגיסט אויף די רבנים, וואָס זיינען אַרויס געגען תורת משה און איינגעפיהרט א אידישע שקלאַפעריי, פאַסט ווידער אמאָל פאַר דעם מחבר פון דעם „נתיבות עולם“.

און אזאַ מענש, וואָס האַלט זיך ניט אָב פון קיין פערדרייאונג און פערקריפּלונג, האָט די חוצפה צו אינסוניאירען, אז איך האָב ניט אין גאַנצען איבערגעגעבען די מעשה פון ר' יוחנן בן מתאי, ווייל איך האָב ניט איבערגעזעצט דעם וואָרט „קטנית“ אויף אַרבעס. דער דאָזיגער למדן ווייסט אפילו ניט, אז „קטנית“ איז ניט בלויז אַרבעס, נור א שם־הכולל. אויף אַרבעס, באָב, לינדזען וכדומה. איך האָב מיט די מעשה פון ר' יוחנן בן מתיא געוואָלט בעווייזען, אז דער אַרבייטס־געבער מוז פון פאָראויס אָברײדען מיט'ן אַרבייטער וואָס פאַר א שפייז ער וועט איהם געבען, ווען ניט קען דער אַרבייטער מאָהנען דאָס בעסטע. דאָס האָב איך בעוויזען. איבריגענס, ברויט און אַרבעס איז דעמאָלס אין יענע מקומות גאָר ניט געווען אזאַ שלעכטע אכילה.

וואָס אָנבעלאַנגט דערצו, וואָס אין תלמוד קען מען געפינען אי גוטע, אי שלעכטע געזעצע, וואָס דאָרטען זיינען איבערהויפּט דאָ „חלוקי דעות“ איבער פערשיעדענע פראַגען, איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל צייט צו וויסען, אז תלמוד איז א ווערק, וואו ניט בלויז די געזעצע זיינען פערשריעבען געוואָרען, נור אויך די דעבאַטען און די דיסקוסיאָנען וועגען די געזעצע. נעהמען די מיינונג פון א דעבאטאנט א יחיד, אלס דעם געזעץ, איז פשוט'ע עם־הארצות. דער וואָס קען לערנען ווייס ווי אזוי אויסצוגעפינען, וואָס איז דער דין און וואָס איז די דעבאַטע וועגען דעם דין. ווען מען רעדט וועגען תלמודישע געזעצע, ווערט געמיינט זייער אַלגעמיינער גייסט און ניט די מיינונג פון א יחיד אין פערלויף פון דער דעבאַטע, איידער דאָס געזעץ איז בעשטימט געוואָרען.

דאָס אָבער צו פערשטעהן, דאַרף מען ערסטענס קענען לערנען און צווייטענס — זיין עהרליך; ניט וועלען בלויז פערשווארצען און אָנזאַלצען.

* * *

די אַרבייט איז מיר געווען זעהר אונאַנגענעהם. פיעלעס האָב איך געהאַט צו זאָגען און נאָך פיעל שאַרפער ווי איך האָב געזאָגט, וואָס איך האָב אויסגעלאָזען. אין גאַנצען פערשוויינען האָב איך אָבער ניט געוואָלט, ווייל איך מיין באמת, אז עס איז שוין לאַנג צייט געווען אוועקצואוואַרפען יענע פאַרצייטיגע, האַלב־אַפּיקורס׳ישע, האַלב־אידען־פרעסערישע מעטהאָדען אין בעקעמפּפען „אידישקייט“. עס איז שוין באמת צייט, אז אידען און „אידישקייט“ זאָלען אין אונזער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור ווערען בעהאַנדעלט ניט ערגער און ניט מיט ווענינער סימפּאַטיע ווי, לכל הפחות, די האָטענטאָטען. עס איז שוין צייט, אז די וואָס רופען זיך מאַרקסיסטען, זאָלען ניט געברויכען די מעטאָדען פון די לוטאָסטאַנסקי׳ס, ווען עס קומט צו אידישע געשיכטע, אידישע אַלטע ליטעראַטור, אידישע קולטור א. ד. גל.

מיר זיינען אפשר ניט די בעסטע, אָבער זיכער ניט ערגסטע; מיר האָבען אפשר די וועלט ניט גליקליך געמאַכט, אָבער בדלות געשטעלט האָבען מיר איהר אויך ניט. אויב עס וועט קומען צו א חשבון, ווער וויים, קען זיין, אז אונז קומט נאָך עפּעס ארויס.

ב. וולאַדעק

די נאַטור-וואונדער פון אמעריקא

דער „גרענד־קעניאָן“

אין דער וועלט פון נאַטור־וואונדער, ווי אין דער וועלט פון מענשען, עקזיסטירט א זאָנדערבאַרע פערשיעדענאַרטיגקייט.

אָט איז דער גרויסער געוואַלד־מאַכער — דער וואַסער־פאַל פון ניאַגאַרא. איהר הערט דעם דונערן פון די וואַסערן, איידער איהר זעהט זיי; זיי שפּריצען מיט צאָרן, איבעראַשען מיט קראַפט.

אָט איז דער לירישער דיכטער — יאָסעמיטע. נאַבעלע שעהנהייט, האַרמאָנישע קאָלירען, טיעפקייט און דאָך צערטליכקייט מיט ליעבע.

אָט איז דער וואונדערליכער קונצען־מאַכער — יעלאָוסטאָון פּאַרק. ער שיסט ארויף מיט אזיערעס הייסע וואַסער, ער בריהט אייך די פיס מיט אונטערערדישע פייערן, ער אמוזירט אייך מיט די קונצען פון די בלאָטע־געיזערס און דער קונסט־אַרבייט פון די טעראַסען.

אָט איז דער מאַהלער — זיד־קאַליפאָרניע — הימעל, זונן, גרינס און בלומען.

אָבער דער גרעסטער פון זיי אַלעמען, אין דעם לאַנד און אין אַלע לענדער, אין דער צייט און אין אַלע צייטען, איז דער געטליכער נאַטור׳ס ארכיטעקט, גאָט׳ס בוימייסטער — די גרויסע תהום׳ען פון אריזאָנא, אָדער ווי זיי זיינען בעקאַנט דער גאַנצער וועלט — דהי גרענד קעניאָן אָוו אריזאָנא.

שטעלט אייך פאָר אן אבגרונד, א שניט אין דער ערד׳ס בוזעם, צוויי הונדערט אַכטצעהן מייל די לענג, פון פינף ביז דרייצעהן מייל די ברייט און איין מייל טיעף. שטעלט אייך ווידער פאָר אָט דעם אונגעהויערן אבגרונד אנגעפילט מיט די מערקווירדיגסטע אַרכיטעקטור־אַרבייטען פון ריעזיגער גרויס און איבער־מענשליכער פאַנטאַזיע, שטעלט אייך ווייטער פאָר, אַז דער מאַטעריאַל, פון וועלכען אָט די וואונדער־געגענד איז געבויט, איז רויטליך און בלוט־רויט, איבערגעמישט דא און האָרטען מיט שוואַרץ, גרוי, בלוי, ברוין און געל — און דאַן וועט איהר האָבען עטוואָס א בעגריף וועגען דער ווילדער אייגענאַרטיגקייט, דער פאַנטאַסטישער ריעזיגקייט פון אָט דעם נאַטור־וואונדער פון דער וועלט.

די ניאַגאַרא דערקענט איהר נאָך איהר שטים, דעם יעלאָוסטאָון נאָך די ריעזיגע געיזערס, די ראַקי־מאַונטעינס נאָך דער העל־פּיאַלעטאַווער ליניע, וואָס שניידט דורך דעם הימעל פון עק צו עק—דעם גרענד־קעניאָן פיהלט איהר ניט און דערקענט ניט, ביז איהר זייט ביי זיין רעכטען ברעג, ביי דעם לעצטען טראַט

דער קאלאראדא־ריווער צווישען די בערג



די פּאַנאָראַמאַ פון „גרענד־קעניאָן“

פון ערד. עס איז דאָס קעניגרייך פון אייביגען שווייגען, און ווען איהר דערזעהט עס צום ערשטען מאָל, אונגעריכטערהייט, אָהן קיין שום ווארנונג, ווערט איהר דערשראָקען און צומישט.

עס איז אַזוי אונעהנליך צו אַלעס, וואָס מיר האָבען אַ מאָל געזעהען! עס איז אַזוי פרעמד אונזערע אַלטע בעגריפען פון שעהן און פרעכטיג! עס שטימט אַזוי וועניג מיט אונזער מעסטען אויפ׳ן יארד און וועגען אויפ׳ן פונט!

פון אַלע זייטען הויבען זיך אין דעם תהום אונטען מאָדנע ריעזיגע געשטאַלטען. דאָ זייַנען כינעזישע און אינדישע טעמפּלען, ווי איך פרעכטיגע קאטוילישע קלויסטערס מיט גאטהישע שפּיצען און טורעמס; דאָ זיינען ריעזיגע קריעגס־שיפען און אונגעהויערע פעסטונגען; דאָ זיינען אַלטע גרויסע שטעדט און רואינען און נייע מאָדערנע ישובים מיט פּאַלאצען פון דער לעצטער ארכיטעקטור; דאָ זיינען אמפיטעאטרען, וואָס קענען אַריינגעהמען צו אַ מיטינג אָדער פּאָרשטעלונג די גאַנצע בעפעלקערונג פון ברוקלין, און עספלאנאַדען, אויף וועלכע עס איז דאָ פּלאַץ פאר די ארמעען פון דער גאַנצער וועלט מיט זייערע ארטילעריע, קאַוואַלעריע, האָספּיטעלער און פּראָוויאַנט; דאָ זיינען פּיראמידען צעהן מאָל גרעסער, ווי די וואָס פרעה האָט געבויט, און אבעליסקען הויך גענוג צו קאָנקורירען מיט דעם וואולוואָרטה בילדינג; דאָ זיינען פּאַלאצען פון פינפטע עוועניו און קלייַנע ארימע הייזקעס פון דעם וועסטערן „קאָובאָי“. איהר קענט דאָ לערנען די געשיכטע פון ארכיטעקטור און די אינזשענערען־קונסט, און איהר קענט דאָ ענטפּלעקען וואונדערבאר־נייע אידעעס אין דעקאָראַציאָן און מאהלעריי. און אַלעס איז געבויט דורך אייביגע אייביגקייטען, אַלעס ארומגענומען פון אַ דורכזיכטיגען בלאָהליכען טומאַן און בעפאַרבט מיט אַלע קאָלירען פון רעגענבויגען!

אין רעכטען מיטען פון אָט דעם פאַנטאסטישען לאַנד פליסט, דרעהענדיג זיך ווי אַ שלאַנג, דער טייך קאָלאראַדא — דאָס ריעזענוואסער פון דער וועסט. ניט פון אַלע פּונקטען זעהט איהר דאָס וואַסער, וואָס פליסט אַ מייל טיעף אין דעם בוזעם פון דער ערד, אָבער אפילו דאַן, ווען איהר זעהט עס ניט, פיהלט איהר עס, דורך די פעלזען און בערג, וואָס קומען זיך אונטען צוזאַמען, אַזוי ווי ריעזען פערנומען מיט אַ מערקווירדיגען שפּיעל.

דער קאָלאראַדא איז, ווי מיר וועלען זעהען ווייטער, די מוטער פון דער גאַנצער קעניאָנגעגענד און איז עלטער פאַר גאָט. עס איז דער געאָלאָגישער־עלטסטער טייך, און פון אַלטקייט יינען זיינע וואסערן געוואָרען געל, כאָטש די גבורה פון אַ מאָל רוישט נאָך אין זיינע קע־

סעל־גריבער, וואסערפּאַלען און שטייניגען בעט. אנפאַנגענדיג זיך אין יוטאה פליסט עס אראָב צום אויסגוס פון קאַליפאָרניא דורך העכער טויזענד מייל, רייסענדיג און שלעפּענדיג די פעלזען ארום, גראַבענדיג און דרעהענדיג — אַן אונגעהויערע פערוואונדעטע שלאַנג!

און אַזוי ווי אין יעדער אונגעהויערליכער זאַך, זיינען די שעהנקייט און ריעזיגקייט ניט די איינציגע שטריכען פון דעם גרענד קעניאַן. אויסער דעם אינטערעס, וואָס עס האָט פאר יעדען ליעבהאבער פון דער נאַטור, פאר יעדען דיכטער און דענקער, האָט עס נאָך אַ גרעסערען אינטערעס פאר דעם געלעהרנטען געאָלאָג, פאר דעם וואָס שטודירט די געשיכטע פון דער ערד.

דהי גרענד קעניאַן — דאָס איז אַ שטומע אָבער קלאהרע געשיכטע פון מיליאָנען־מיליאָסען יאָהרען, דעם ערד־קוגעל׳ס געשיכטע.

מיט אונצעהליגע אייביגקייטען צוריק איז גאַנץ אַמעריקא ווי די גאַנצע איבריגע וועלט געווען בעדעקט פון אַ מעכטיגען אָקעאַן. נאָך נייע אונצעהליגע אייביגקייטען האָבען פון דעם ים זיך אָנגעפאַנגען ארויסצואווייזען שטיקלעך יבשה — די שפּיצען פון די „ראָקי־מאָונטעינס“. דאָס וואסער ארום זיי האָט געבושעוועט, די ווינדען האָבען זיי געביסען, די רעגענס געוואשען, זיי האָבען זיך געברעקעלט און אין זאמד און שטיין געפאַלען צוריק אויפ׳ן דעק פון ים. מיט ווער ווייס וויפיעל מיליאָנען יאָהרען שפּעטער איז די געגענד וועסט פון די ראָקי־מאָונטעינס, אַזוי ווייט נאָרטה ווי נעוואַדא, געווען אַ ריעזיגע אַזיערע. איהר קענט נאָך איצטער זעהן אין איניגע פּלעצער, וואו די ברעגען פון יענער אַזיערע זיינען געווען, און איהר קענט אַ מאָל געפינען די שעלס און ביינער פון די בעשעפענישען, וואָס האָבען דאָרט געלעבט. מיט דער צייט האָט זיך די יבשה אויפגעהויבען, עס זיינען צוגעקומען אַלץ נייע און נייע שיכטען ערד. און די איינציגע איבערבלייבעניש פון אָט די אייביגקייטען איז דער טייך קאָלאראַדא, וואָס איז געבליבען אויף זיין אַמאָליגער פּלעכע, כאָטש די געגענד ארום איהם האָט זיך געהויבען. מיט דער צייט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ מייל טיעף אין דר׳ערד מיט בייזע ריעזיגע שומרים ארום איהם. איצט איז דער קלימאַט פון דער געגענד זעהר טרוקען, דערום האָבען זיינע קינדערטייכלעך כמעט אַלע אויסגעטריקענט. אַ מאָל אָבער זיינען אין איהם פון אַלע זייטען געפלאָסען שטורמדיגע שטראָמען, וועלכע האָבען אויך זיך געריסען און געשניצט די פעלזען און בערג, דורך וועלכע זיי זיינען דורכגעלאָפען. רעגענס, ווינדען, ערד־ציטערנישען און וואולקאַנען האָבען אין דער ארבייט צוגעהאָלפען, אַזוי אַז אַם ענדע איז בעשאַפען געוואָרען דער גרענד קעניאַן.

דער געאָלאָג, ווען ער הויבט זיך אויף פון דעם טייך אונטען ביז דעם ברעג פון דעם

די „פעסטונג“ פון קאָלאָראַדאָ

תהום, לעזט די געשיכטע פון דער ערד ווי פון אן אָפענעם בוך. יעדע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער ערד ווערט דערקענט לויט דער בעזונדערער צוזאמענשטעלונג און בעזונדערן קאָליר פון דער ערד, און דאָ ווי ערגעץ ניט אנדערש ליגען אָט די בעזונדערע ערד־שיכטען איינע אויף די אנדערע, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען אויסגעשטעלט פאר אַ אויסשטעלונג. דורך זעקס טויזענד פוס טויטער ערד פאָלגט ער נאָך דעם וואונדערליכען ראָמאַן פון דער מאמע־ערד. אָט ציהען זיך פאר 800 פוס די פעלזען פון גאָר דער ערשטער געאָלאָגישער עפּאָכע ; נאָכדעם קומען 800 פוס קווארטץ־פעלזען פון דער נעקסטער עפּאָכע ; 500 פוס גרינליכער זאמדשטיין ; 700 פוס ווייכער פעלז און לעהם, 1600 פון בלוט־רויטען ליימסטאון . . .

אַזוי האָט דער גרענד־קעניאן קאמבינירט אין זיך די וואונדערבאַרסטע שטריכען פון דער גאַנצער נאַטור — מאַטעריאַל פאר'ן געלעהרענטען, בעגייסטערונג פאר יעדען.

לייב נײדוס

א זון מיט א רעגען

א זון מיט א רעגען ! א זון מיט א רעגען !
עס לאַכען מיר גאָלדענע טראָפּענס אַנטקעגען,
זיי לויכטען אין לופטען און פאַלען אויף מיר
ווי גאָלדענע פונקען אויף זיידענע שניר . . .

א זון מיט א רעגען ! א זון מיט א רעגען !
עס צאַנקען די גראָזען ביים ראַנד פון די וועגען,
עס שמייכלען די בלומען, צוקושטע פון ווינד,
אזוי ווי עס שמייכעלט דורך טרערען א קינד . . .

א זון מיט א רעגען ! א זון מיט א רעגען !
עס וויעגט זיך דער בלאָהליכער טייך אין די ברעגען;
עס פאַלען די טראָפּענס אין וואַסער און גרינג
צולויפען זיי ברייט אין א גאָלדענעם רינג . . .

א זון מיט א רעגען ! א זון מיט א רעגען !
און ווייט, ערגעץ ווייט, וואַרפט־זיך־איבער אַנטקעגען
אין הימעל אין בלויען א פאַרביגער בריק,
א וועג צו א שטראַהלענדען, הימלישען גליק . . .

ב. גאָרין

די געשיכטע פון אידישען טהעאטער

Copyright by B. Gorin, 1914.

דער אָנהויב פון דער אידישער דראַמאַ

.2

אין דער זעלביגער צייט, וואָס יאָזע דע סילווא האָט געשאַפען אין פּאָרטוגעזיש אויף א פרעמדען פעלד, האָט משה חיים לוצאטאָ (1707-1747) אָבגעגעבען זיך צו דער דראַמע אין דער האלב פערגעסענער שפּראַך פון די נביאים. געבאָרען און ערצויגען אין איטאַליען, איז ער די ערשטע צייט געוועזן אונטער דעם איינפלוס פון דער איטאַליענישער דראַמאַטישער ליטעראַטור, און זיין ערשטען פערזוך אויפ'ן פעלד פון דראַמע — „שמשון ופלשתים", דערמאָנט שטאַרק דאָס בעוואוסטע איטאַליענישע שעפער־שפּיעל „פּאַסטאָר פּידא" (טרייער פּאַסטוך). די דאָזיגע דראַמע האָט ער אָנגעשריעבען אין דעם יאָהר 1724, דאָס הייסט, ווען ער איז אַלט געוועזן זיבצעהן יאָהר.

ער איז געוועזן צו יונג, צו אונערפאַהרען, צו געבען אַ נאַטירליכע פאַרב די ליידענשאַפטען, וואָס ווערען געשילדערט אין „שמשון ופלשתים". די דאָזיגע ליידענשאַפטען זיינען איהם געוועזן אין גאַנצען פרעמד און ער האָט זיי נור געקאָנט מאָלען מיט פאַרבען פון דער פאַנטאַזיע. קיין לעבעדיגקייט, מענשען־קענטשאַפט האָט מען אין דער דראַמע ניט צו זוכען, נור דערפאַר איז זי דורכגעדרונגען מיט א רייכער פּאָעטישער פאנטאזיע, וואָס האָט זיך נור געקענט ענטוויקלען אין דער זוניגער איטאַליען. זיין צווייטעס ווערק, אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, „מגדל עוז", ווייזט א וואונדערבאַרע האַרמאָניע פון קלאַנגען, וועלכע מען האָט ניט געהערט צווישען אידען צייט די נביאים זיינען אנשוויגען געוואָרען, אָבער דאָ ווייזט זיך אויך ארויס אַן אונבעקאַנטשאַפט מיט דער וועלט. באַלד אָבער האָט ער געמוזט ערוואַכען פון זיינע חלומות און קומען אין צוזאַמענשטויס מיט פערשיעדענע מענשליכע ליידענשאַפטען. א טרוימער, אַ מיסטיק, איז ער געפאַנגען געוועזן פון קבלה. די איטאַליענער רבנים האָבען איהם אָנגעהויבען צו רודפ'ן, אין חרם אַריינגעוואָרפען. זיינע פריינד, וואָס האָבען איהם ארומגערינגעלט בשעת זיין פּאָטער איז געוועזן רייך און געשפּרונגען פאַר איהם קדוש, האָבען איהם פערלאָזט און דאָס רעדעל האָט זיך איבערגעדרעהט, און ער איז געבליבען אַן אָרימאַן. ער האָט איצט דערזעהען מענשען, ווי זיי זיינען, ער האָט געקאָנט אַריינקוקען טיעפער צו זיי אין הארצען און די ערפאַהרונג, וואָס איז איהם פריהער אָבגעגאַנגען, איז צו איהם איצט געקומען אין א פולער מאָס.

די דאָזיגע ביטערע ערפאַהרונגען האָבען זיין פּאָעטישען גייסט ניט ביטער געמאַכט. אין זיין לעצטער אונשטערבליכער דראַמע „לישרים תהלה" ווייזט ער זיך אַרויס אין זיין גאַנצער קראַפט און גלאַנץ — אזוי ווי די צרות, די רדיפות האָבען איהם אויסגעלייטערט. די דראַמע „לישרים תהלה" איז פּאָלקאָם אין אַלע הינזיכטען: אין דער פאָרם, אין דער שפּראַך, אין געדאַנקען. מיט דער דאָזיגער דראַמע האָט ער זיך געשאַפען אן אייביגען מאָנומענט אין העברעאיש.

„לישרים תהלה" איז געשריעבען אין דער פאָרם פון פאַר־שעקספּיר'ס צייטען, אַלעגאָריש. די כאַראַקטערען אין דער דראַמע זיינען ניט קיין מענשען פון בלוט און פלייש, נור אַבסטראַקציעס, ווי שכל און נאַרעשקייט, אָרענטליכקייט און פאַלשקייט און דאָס גלייכען.

עס איז שווער מיט זיכערהייט צו זאָגען, צי די דראַמאַטישע העברעאישע דראַמען זיינען לכתחילה געשאַפען געוואָרען בלויז צום לייענען אָדער אויך צום אויפפיהרען אויף דער ביהנע. דער אידישער דיכטער יצחק גאמעץ דע סאכא, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט יוסף פענזא אין אמסטערדאַם, האָט בעזונגען אין ליטעראַרישע פערזען די ערשיינונג פון „אסירי התקוה" (פענזאָ'ס העברעאישע דראַמע) אזוי:

„ענדליך איז עס עררייכט געוואָרען. די אידישע מוזע שפּאַצירט איצט אין די פעלצענע שיך מיט די הויכע אבסאצען זיכער און שטייף. מיט געמאָסטענע טריט פון פּאָעזיע ווערט זי מיט פּאַראַד ארומגעפיהרט דורך יוסף (פענזאָ). א רייכער שטראַהל פון האָפנונג שיינט ווידער, אז איצט וועט אויך די ביהנע זיך עפענען פאַר דעם הייליגען געזאַנג".

דערפון דאַרף מען דרינגען, אז מען האָט

געוואָרט צו הערען די מעלאָדיישע קלאַנגען פון די העברעאישע דראַמאַטישע דיכטונגען אויף א אידישער ביהנע, אָבער דער דראַמאַטישער שטאָף אין די דאָזיגע דראַמען איז אזוי קליין, די האַנדלונגען אזוי שוואַך, אז עס איז שווער צו גלויבען, אז זיי זיינען געשאַפען געוואָרען פאַר א טהעאַטער, בפרט נאָך קאַלדעראָן און נאָך שעקספיר, ווען פון א דראַמאַ האָט מען געפאָדערט א שטאַרקע האַנדלונג, מיט לעבעדיגע מענשען און די צייט פון אַלעגאָריען און מאַראַליטעטען איז שוין לאַנג פאַראיבער. עס איז גיכער דאריבער צו דענקען, אז דע סאָסאָ האָט זיך אזוי אויסגעדריקט בדרך מליצה.

אַז מאָדערנע אידישע טהעאַטערס האָבען מיר שוין געהאַט אזוי פריה ווי אין דעם זיבצעהנטען יאָהרהונדערט איז קיין שום ספק ניט. מיר האָבען עס שוואַרץ אויף ווייס. סיי די איטאַליענישע אידען אין איטאַליען און סיי די פּאָרטוגעזישע אידען אין די לענדער, וואו זיי האָבען זיך בעזעצט, האָבען געהאַט א פאָדערונג אויף טהעאַטער און געשטרעבט צו שאַפען אן אייגענע ביהנע. מיר געפינען אין די שאלות ותשובות פון דעם איטאַליענישען רב, שמואל אבוהב (אַבאָאַב), וואו ער ווענדט זיך צו א צווייטען רבי, אז ער זאָל מרעיש עולם זיין וועגען דעם אידישען טהעאַטער, וואָס א געוויסער גביר האָט געעפענט אין ווענעציע. די שאלה איז אזוי:

לכמהרר עזריה פיגו: מוירונה לוויניצאה.

תעיר קנאת ד" על קביעות בתי טרטיאות ובתי קרקסיאות במחמה העברים בהתאסף שב אנשים ונשים ותף לשמוע דברי לצנות ונבלות פה.

כי החלתי מיגון וכאיב פירוד הנעשה ע"י פ" נר"ו וחוששני פו ח"ו תצא תקלה מתחת ידו לרבים ופערו פיהם לבלי חוק להטיל מום בקדשים, כי הזמן והמקום מופג וניצב לריב לשונות ודבר עבירה בעונ' שרבו. והאחרון הכביד, הקל ארצה עטרת תפארת היהדות בעיר ההיא לבנות ולהקים להם בקרב מחנם הקדוש בתי קרקסיאות הקבועות ונאספו שמה אנשים ונשים וטף, בנות ישראל הצנועות עם הפרוצות עוברות על דת משה ויהודית, קטון וגדול שם הוא כעם ההולך בחליל לשמוע פרשת הקהל, והטף למה בא? ליתן עונש למביאם, כי מה יעשה אותו הבן ולא יחטא בשבתו בסוד משחקים בשומעו קול פה דובר נבלה הנכנס בגופו כארס של עכנאי, ומעשה ידינו קונן עלינו, איכה היתה לזונה קריה נאמנה

אי לזאת יחרד לבי, מורי ורבי, איך זקנים שבדור כבשו פניהם בקרקע, אין קנאים פוגעים בו לעכבו, וליכא מאן דדאין דינא דגרמי להרים מכשול דין עסק ביש אבי אבות הטומאה.

אין קורצען בעדייט דער דאָזיגער אויסצוג פון דעם בריעף אזוי:

שמואל אבאאב קלאָגט זיך פאַר'ן ווענעציער רב, פאַר וואָס די שעהנע און פרומע אידען שווייגען און קוקען זיך רוהיג צו, ווי מען בויט שטענדיגע טהעאַטערע און צירקען אין ווענעציע פאַר אידען, און מאַנסביל און ווייבער און קינדער, פרומע אידישע טעכטער צוזאַמען מיט אויסגעלאַסענע, זיינען עובר אויף אידישע דינים און פערזינדיגען זייערע יאָהרען, ווייל קיין גוטעס קאָן ניט אַרויסקומען פון זיצען אין א טהעאַטער און הערען ווי אַקטיאָרען ריידען שענדליכע זאַכען, וועלכע פערדאַרבען די צוהערער. טהעאַטער איז אבי אבות הטומאה.

שמואל אַבאָאַב איז דערזעלביגער רבי, וועלכער האָט שפּעטער, אין 1734, צוזאַמען מיט נאָך פיער איטאַליענישע רבנים אריינגעווארפען משה חיים לוצאַטאַ אין חרם.

דער ספר „דבר שמואל" איז געדרוקט גאָר אין אָנהויב אכטצעהנטען יאָהרהונדערט, אויף דעם בריעף צו עזריה פיגו איז קיין דאַטום ניטאָ און מען קען זיך דערפון אָנשטויסען, אז ער איז געשריבען געוואָרען צום סוף פון דעם זיבצעהנטען יאָהרהונדערט, ווייל ער איז צווישען גאָר די ערשטע שאלות. אין דעם בריעף ווערט גערעדט וועגען שטענדיגע אידישע טהעאַטערס, און הגם דער סטיל פון דעם בריעף ווייזט, אז שמואל אבאָאַב קען זיך דייטליך ניט אויסדריקען און ער ברויכט גאַנצע פראַזען, וואו איהם איז נויטיג איין וואָרט, נור דערפאַר, וואָס דאָס וואָרט געפינט זיך אין די געהענדע פראַזען, און עס איז זעהר מעגליך, אז ער רעדט וועגען אידישע טהעאַטערס און צירקען (בתי טרטיאות ובתי קרקסיאות) ווייל אזוי איז דער געוועהנליכער אויסדרוק אין תלמוד, און עס איז קיין שום צווייפעל ניטאָ, אז אין איטאַליען האָט מען ניט געבויט קיין אידישע צירקען, דאָך לאָזט זיך דרינגען, אז אין די גרויסע אידישע קהלות אין איטאַליען זיינען צום סוף פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט אידישע טהעאַטערס קיין נאָווינע ניט געווען. און עס איז זעהר מעגליך, אז אזעלכע אידיישע טהעאַטערע זיינען געווען נאָך פיעל פריהער.

אגב אורחא איז כדאי צו בעמערקען, אז אין אַמעריקאַ האָבען אידען געהאַט אייגענע טהעאַטערס שוין אין דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט. דאָס איז געווען ניט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, נור נעבען בראַזיליען. מיר געפינען, אז אין דער צווייטער העלפט פון דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די אידען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין פאַראַמאַריבאַ, גוויאַנאַ, פערגרעסערט און פערשעהנערט

*) דבר שמואל, פון שמואל אבוהב, געדרוקט אין ווענעציע אין דעם יאָהר תס"ב.

זייער טהעאַטער. דאָס איז אין יאָהר 1784, און מיט 8 יאָהר שפּעטער, דאָס הייסט אין 1792, האָט די דאָרטיגע קליינע אידישע קהלה שוין פערמאָגט צוויי אידישע טהעאַטערס.

עס דאַרף דאריבער קיין שום ספק ניט זיין, אַז אויך אין אַנדערע קהלות און אַנדערע מדינות האָבען אידען געהאַט זייערע אייגענע טהעאַטערס. ווענעציע און פּאַראַמאַריבאָ זיינען ניט געווען די איינציגע שטעדט, וואָס האָבען פערמאָגט אידישע טהעאַטערס.

די אורזאַכען, וואָס האָבען דעמאָלט געטריבען אידען צו בויען אייגענע טהעאַטערס, זיינען ניט אָנגעגעבען. נור מיר געפינען, אַז אין פּאַראַמאַריבאָ, למשל, האָט מען די אידען פערבאָטען צו בעזוכען א געוויסען אָרטיגען אמאַטארישען טהעאַטער. דאָס איז געווען אין דעם יאָהר 1775, און באַלד נאָכדעם זיינען דאָרטען געגרינדעט געוואָרען צוויי אידישע טהעאַטערס. אַזעלכע אורזאַכען האָבען אין יענע צייטען ניט געפעהלט.

וואָס איז שייך צו די פּיעסען, וועלכע מען האָט געשפּיעלט אין די דאָזיגע אידישע טהעאַטערס, ווייסען מיר וועגען זיי לחלוטין גאָר ניט. עס קומט אויס אין גאַנצען צו פערלאָזען זיך אויף השערות. די אידען, וואָס זיינען געווען פּעראינטערעסירט אין טהעאַטער האָבען שוין דעמאָלט געהאַט אַ גאַנץ רייכען רעפּערטואַר. אוסק, גאָמעץ, דניאל דע באַריאָס — האָבען איבערגעלאָזט אַ היבשע ביסעל פּיעסען געשריעבען אויף ביבלישע טהעמאס אין שפּאַניש, יאָזע דע סילווא — אין פּאָרטוגעזיש. די אידען, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון שפּאַניען זיינען ניט נור געווען בעקאַנט מיט דעם דאָזיגען רעפּערטואַר, נור האָבען אויך גערעדט אויף די שפּראַכען, אין וועלכע די דראַמען זיינען געשריעבען געוואָרען. אין די אַנדערע לענדער זיינען די דאָזיגע דראַמען איבערזעצט געוואָרען און זיי האָבען געהאַט די גרויסע מעלה, וואָס זיי זיינען לכתחילה געשריעבען געוואָרען פאַר א ביהנע, און עס איז העכסט וואַהרשיינליך, אַז מען האָט זיי געשפּיעלט אין די אידישע טהעאַטערס.

עס איז גרינג צו זעהן, אַז דער אבן נגף וואָס איז געשטאַנען אין וועג דער אידישער ביהנע איז ניט אָבגעראַמט געוואָרען דערמיט, וואָס מען האָט אויפגעפיהרט אַזעלכע פּיעסען. „לא ילבש איש שמלת אשה“, אַ מאַנסביל זאָל ניט אָנטהאָן קיין פרויען קליידער, איז אַליין געבליבען אַ סטראַשידלע פאַר די פרומע אידען. שמואל אַבאָאַב איז ניט געווען דער איינציגער, וואָס האָט געגאָסען פעך און שוועבעל אויפ׳ן אידישען טהעאַטער. ביים סוף זיבצעהנטען יאָהרהונדערט און אין דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט איז דער האַס צום טהעאַטער געבליבען דער זעלביגער ווי מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק אין ארץ ישראל. די אידישע טהעאַטערס זיינען אויף אַזא אופן געשאַפען געוואָרען צו ענטפערן אַ פאָדערונג פון די אינטעליגענטערע קרייזען, אין וועלכע עס האָט אריינגעדרונגען דער נייער גייסט פון דעם רענעסאַנס. דאָס אידישע טהעאַטער האָט געזוכט צופריעדען צו שטעלען אַ געשמאַק, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אויסערהאַלב דעם בית־המדרש, אויף דער חכמה און קונסט פון די אַנדערע פעלקער און האָט קיין זאַך ניט געהאַט צו געבען דעם פרומען אידען און ניט דעם פּראָסטען אידען.

דאָס אידישע טהעאַטער פון דער צייט פון דעם רענעסאַנס מיט זיין רעפּערטואַר וועלטליכע דראַמען איז געשאַפען געוואָרען נאָר פאַר איין קלאַס מענשען און האָט פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער דראַמע קיין זאַך ניט געקאָנט טהאָן. עס דאַרף קיין צווייפעל ניט זיין, אַז אין אַזא טהעאַטער מיט אַזא פּובליקום זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען די בעסערע דראַמען פון דער צייט, נאָר צוליעב זיין אבשלאָסענקייט, זיין אבגעזונדערטקייט האָט ער ניט געקאָנט ציהען די זאַפט פון דעם גאַנצען פאָלק און האָט ניט געקאָנט האָבען קיין איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראַמע. אַזאַ טהעאַטער אויפ׳ן אידישען באָדען איז דער רעזולטאַט פון א קאַפּריז אָדער אונרעכט. מיר זעהען ווי שמואל אבאַאב שרייבט אין זיין בריעף, אַז דער גאַנצער אויפטהוער פון דעם אידישען טהעאַטער אין ווענעציע איז געווען אַ געוויסער רייכער איד, די ראשי תיבות פון וועמעס נאָמען זיינען געווען נר״ו, און ניט אַזוי ער אַליין, ווי זיין רייכער איידעם. אין יענע צייטען איז געווען דער מנהג, אַז גרויסע רייכע לייט האָבען געהאַט זייערע אייגענע טרופּען אָדער אייגענע טהעאַטערס, און עס איז גרייליך מעגליך, אַז דער דערמאַנטער רייכער איידעם אין ווענעציע האָט אויך דערוויזען אַזאַ זאַך און געגרינדעט אַן אייגענעם טהעאַטער. און ווידער האָבען מיר געזעהן, אַז אין פּאַראַמאַריבאָ האָבען אידען געגרינדעט צוויי טהעאַטערס, ווייל מען האָט זיי ניט אריינגעלאָזט אין אַ געוויסען דילעטאַנטישען טהעאַטער. אָבער דאָס פאָלק אָדער די פרומע אידען האָבען קיין בעדערפניס ניט געהאַט אין אַזא טהעאַטער און זיי האָבען פון איהם געוויכט. דער יסוד פון אַזא טהעאַטער איז אויף היהנערשע פיס, און אַזוי גיך ווי עס ווערט אָבגעשאַפט די אורזאַך, וואָס האָט עס ארויסגערופען צום לעבען, פאַלט איין דער גאַנצער בנין, און די געקליבענע טהעאַטער־בעזוכער געהען לייכט איבער צו די טהעאַטערס פון דער מדינה.

די העברעאישע דראַמע איז לכתחילה ניט געשאַפען געוואָרען פאַר קיין טהעאַטער. אין העברעאיש איז נאָר אָנגענומען געוואָרען די

פאָרם פון דער דראַמע צו בערייכערען די ליטעראַטור. די העברעאישע דראַמע איז געשאַפען געוואָרען צום לייענען אָבער ניט צום אויפפיהרען. זי האָט געקאָנט האָבען דעם גרעסטען ליטעראַרישען ווערטה אָבער קיין דראַמאַטישען. און ווען אפילו שפּעטער אין דער צווייטער העלפט פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען זיך געוויזען מעהרערע דראַמען פאַר דער ביהנע, זיינען זיי אַלץ געווען געמיינט צו רייכער מאַכען די העברעאישע ליטעראַטור און צו בעקאָנען דעם העברעאישען לעזער מיט דער דראַמאַטישער ליטעראַטור פון דער וועלט. דער גרעסטער טהייל פון די דאָזיגע דראַמען איז בעשטאַנען פון איבערזעצונגען.

אַ חוץ דעם איז די העברעאישע דראַמאַטישע ליטעראַטור שוין צוליעב דער שפּראַך אַליין געווען מעהר בעשרענקט און אבגעשלאָסען ווי דער אויבען דערמאַנטער רעפּערטואַר אין די אידישע טהעאַטערס פון יענער צייט. די העברעאישע דראַמע האָט געקאָנט נאָר דערגרייכען צו אַזעלכע, וואָס האָבען זייער בילדונג געקראָגען אין בית המדרש און וואָס אין דער זעלביגער צייט זיינען זיי אַוועק פון די פיער איילען פון דער הלכה. פאַר די אמת'ע פרומע אידען איז אפילו די געדרוקטע העברעאישע דראַמע ניט געווען אין גאַנצען כשר. פאַר'ן פּראָסטען פאָלק איז זי געווען אַ פער־התמ'עט בוך.

די איינציגע ישועה וואָס דאָס אידישע טהעאַטער האָט געקאָנט ערוואַרטען איז געווען פון דעם פּורים שפּיעל. דאָס פּורים שפּיעל איז געווען פערשטענדליך פאַר אַלעמען, סיי דער פּראָסטער מענש און סיי דער תלמיד חכם האָבען פון איהם געלעקט די פינגער. זיין געבורט אין בית המדרש האָט איהם געגעבען אַ רעכט צו עקזיסטירען, נאָר דער זעלביגער בית המדרש האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט אַזאַ שטעמפּעל, וועלכען ער האָט קיין מאָל פון זיך ניט געקאָנט אַבגעריבען. און אַ קימא לן פון איבער טויזענד יאָהר איז דאָס פּורים שפּיעל געבליבען ווי אין אַ פערגליווערטען צושטאַנד. דער עלעמענט פון חוזק און לצנות, וואָס האָט איהם לעבען געגעבען, איז געווען געגנוג נאָר אויף איין טאָג אין יאָהר. אין אַן אַנדער טאָג אויסער פּורים איז דאָס פּורים שפּיעל געווען אונמעגליך פאַר ניכטערע, פרומע אידען.

אין דעם זיבצעהנטען יאָהרהונדערט איז אויך געשאַפען געוואָרען אין אונזער מאַמע לשון אַ ניי אחשורש שפּיעל און האָט געהייסען: „איין שעהן ניי פּורים שפּיעל פאָרגעשטעלט, ווי עס איז צוגעגאַנגען אין דער וועלט צו אחשורש צייטען“. אין דעם יאָהר 1697 האָט דער משומד משה כץ פון קראַקוי איבערגעשריעבען די דאָזיגע שטיק פאַר דעם בעוואוסטען דייטשען מלומד אין העברעאיש וואַגענזאַל, נאָר ווי עס ווייזט אויס האָט דער לעצטער קיין געברויך דערפון ניט געמאַכט.

דאָס גאַנגבאַרסטע און בעקאַנטסטע פּורים שפּיעל אין אידיש איז געשאַפען געוואָרען אין דעם סאַמע אָנהויב פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט. עס האָט געהייסען „איין שעהן ניי אחשורש שפּיעל“ און איז געדרוקט געוואָרען אין 1708*).

אלס היפך פון די העברעאישע דראַמען פון דער זעלביגער צייט איז דאָס פּורים שפּיעל געמאַכט געוואָרען דורכאויס צום שפּיעלען און איז צוגעפּאַסט צום אויפפיהרען אין הייזער. עס איז ניט איינגעטיילט אין אַקטען און האָט אויך ניט קיין דעקאָראַציעס. די פּורים שפּיעלער דאַרפען זיך ניט איבערטהאָן און בלייבען אין די זעלביגע קליידער די גאַנצע צייט פון שפּיעל. מאַכט זיך אַ פּלאַץ, וואו מען זאָל קאָנען שפּיעלען פאַר אַ גרעסערען עולם, איז אודאי רעכט, אַז ניט זיינען זיך די פּורים שפּיעלער מטריח צום ברייטען בעל הבית אין שטוב און שפּיעלען אָב די שטיק פאַר איהם און זיין הויזגעזינד. אָבער די פּורים שפּיעלער הייסען זיך בעצאָהלען פאַר אַזאַ כבוד, זיי ווייסען זייער ווערטה.

„דאַ שטעלן מיר אויף דאַש בייטליין, איין פּאָר טוציט (טוץ) טוקאַטן צו שיסן דריין. איין פּאָר טוציט טוקאַטן וועך צו פיל, איין פּאָר טוציט טאַלר איז דער ציל“.

דערמיט ענדיגט זיך דאָס אחשורש שפּיעל פון 1708. און פערגלייכט מען די דאָזיגע פּאָדערונג מיט די, וואָס אונזערע פּורים שפּיעלער האָבען געשטעלט אין אונזער צייט, זעהט מען, אַז פּורים שפּיעלעריי איז דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. זיי וואָלטען זיך ניט אָבגעזאָגט פון אַ פּאָר טוץ דוקאַטען, נאָר אפשר איז דאָס צופיעל, וועלען זיי זיך צופריעדענשטעלען מיט אַ פּאָר טוץ טאָלער. אין דעם טאָן פון די פּורים שפּיעלער פון אונזער צייט האָט זיך שוין געהערט „הנני העני“. זיי האָבען זייער פּראָפעסיע ביליג געמאַכט און געזונגען:

„היינט איז פּורים, מאָרגען איז אויס,
גיט אונז אַ גראָשען און וואַרפט אונז אַרויס“.

און הגם דאָס דערמאָנטע פּורים שפּיעל איז געשאַפען דורכאויס צום שפּיעלען, האָט דער פערפאַסער געלאָזט עס אויך דרוקען, און ווי עס ווייזט אויס איז דאָס געווען דאָס ערשטע פּורים שפּיעל וואָס האָט זוכה געווען צו ווערען געדרוקט. די פריהערדיגע זיינען נאָר אַרומגע־

---

*) אַ בעזונדערע אָבהאַנדלונג וועגען **דעם דאָזיגען** פּורים שפּיעל איז געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט“, אין מאָנאַט אָקטאָבער, 1913.

גאנגען אין כתב יד. אויפ'ן שער מאכט דער פערפאסער א קליינע הקדמה צו די קונים :

„איין שין (שעהן) נייא שפיל מיט אל דיא קונשטין איז עס ווארען דער טראכט, עס ווערט וואויל זיין ליב טאן ניט אזוי גוט ווערדן גימאכט. מיט היפשי שיני קלאג לידערן דעם ריים נאך געשטעלט. דאש פאר האפין מיר, ווער עש קויפן ווערט, אזו ווערט אין (איהם) ניט פערדריסען זיין געלט. ווייל השי ברוך הוא האט אונז אן פורים געבן לוּשטיג צו זיין. אונ' האבן מיר דרויף גימאכט דאש אחשורש שפיל היפש אונ' פיין. דרום אויך איר בעל בתים אונ' בחורים, אונ' יונגען, קומט איר ביהענד (שנעל) צו לויפן. אונ' טוט מיר דאש שיני אחשורש שפיל אב קויפן. דאס געלט ווערט אייך ניט פר דריסען. ווען איר ווערט דרינען לעזן, ווערט איר אייער געלט ווידר גניסן.“

אבער צו דער צייט ווען דאס פורים שפיעל האט זיך דערהויבען צו דער מדרגה פון א געדרוקטען ווארט איז שוין דער אמת'ער קארניוואל גייסט פערשוואונדען פון אייראפא, דער מיטעל־אלטער מיט זיינע גראבע מנהגים איז שוין לאנג געוועזן בעגראבען, און דער אידישער פורים האט אויך פערלארען זיין געפעפערטען טעם. דאס פורים שפיעל וואס איז געוועזן דורכגעקנאטען מיט אונגעלומפערטע המצאות און גראבען נבול פה האט שוין אזוי ניט געקאנט געפעלען ווערען דעם חשוב'ערען אידען, בפרט ווען מען האט עס שוין געקאנט לייענען מיט אויגען, וואס זיינען ניט געוועזן פערצוויגען מיט א טומאן פון שכרות.

און סך הכל מיט צוויי יאהר שפעטער האט א געוויסער בערמאן פון לעמבערג אנגעשריעבען א פורים שפיעל מיט'ן נאמען „מכירת יוסף“, וועלכע איז אזוי ווייט פון דעם אחשורש שפיעל ווי מזרח פון מעריב. הגם די דאזיגע ביידע שטיקער זיינען געשריעבען געווארען אין דער זעלביגער צייט, אין דעם זעלביגען ארט (אין דער גהעטא אין דייטשלאנד), האבען זיי ניט קיין איינציגען פונקט, אויף וועלכען ביידע זאלען זיך קאנען בעגעגענען, אויסער וואס זיי זיינען ביידע פורים שפיעלס. די שפראך אין „אחשורש שפיעל“ איז עטוואס א פערעלטערטער אידיש, איהר געפינט דארטען אפילו פוילישע ווערטער, און, פערקעהרט, אין מכירת יוסף איז שוין דער לשון א ריין דייטשער, ווי מען האט דעמאלט געשריעבען. אין דעם אחשורש שפיעל האט זיך דער פערפאסער געשטעלט די גאנצע אויפגאבע צו מאכען דעם עולם לאכען, וואס איינער זאגט דארף זיין א המצאה, א קאטאוועס, מיט איין ווארט עס איז א לוסטיגער פארס. און אין מכירת יוסף זיינען די האנדלונגען ערנסטע און פאטעטישע און רופען גיכער ארוים א טרער. אמת, אין „מכירת יוסף“ איז אויך אריינגעפיהרט א קאמישער עלעמענט, און דער פאטענטירטער קאמיקער איז דארטען פיקעל־הערינג, נאר ער איז א זייטיגער פערזאן. און אויב מיר זאלען דארפען בעשטימען צו וועלכען סארט פיעסען מכירת יוסף איז, וועט מעלאדראמע זיין דער נעהנטסטער. ווייטער איז דאס „אחשורש שפיל“ בעשטימט געוועזן מעהר צום שפיעלען ביים חשוב'ען בעל הבית אין שטוב, בשעת „מכירת יוסף“ האט שוין געפאדערט א טהעאטער. און פון די פורים שפיעלס איז מכירת יוסף וואהרשיינליך געוועזן די ערשטע שטיק, וואס מען האט אויפגעפיהרט מיט דעקאראציעס און קאסטיומען און מיט אלע כלי מכשירים, וואס האבען זיך געפאדערט דערצו. צום ערשטען מאל האט מען די שטיק אויפגעפיהרט אין פראנקפורט אן דער מאין און מען האט צו דער דאזיגער אויפפיהרונג געמאכט גרויסע הכנות. די שפיעלער זיינען געוועזן בחורים פון דער פראנקפורטער ישיבה, און צו זיי זיינען צוגעקומען נאך אנדערע ישיבה'ניקעס פון האמבורג און פראג. מען האט לכבוד דעם שטיק אויפגעשטעלט א טהעאטער, און ניט נאר האט מען עס אויפגעפיהרט מיט דעקאראציעס און קאסטיומען, נאר מען האט דערביי אויך געמאכט אלערליי עפעקטען. מען האט ביי דער פארשטעלונג געזעהן פייער און געהערט דונערען און געזעהן א הימעל און נאך אנדערע וואונדערליכע זאכען. די שטיק האט געמאכט-א שטארקען רושם אויף די פראנקפורטער אידען, און זיי האבען זיך ניט געקאנט גענוג אנ'חדוש'ען.

דער ערפאלג פון דער שטיק איז געוועזן אזא גרויסער, אז מען האט עס געשפיעלט ניט נאר פורים נאר דעם גאנצען חודש אדר, פיער וואכען צייט, דאס הייסט צוויי וואכען פאר פורים און צוויי וואכען נאך פורים. מען האט אבער ניט געגעבען אויף אלע פארשטעלונגען די זעלביגע שטיק. אין דער צייט איז שוין געשאפען געווארען נאך א פורים שפיעל, וועלכע האט געהייסען „דוד און גלית“, און מען האט די צוויי שטיקער געביטען. דער געלאף אין טהעאטער איז געוועזן אזוי גרויס, אז ביי דער טהיר האט מען געמוזט אוועקשטעלען צוויי סאלדאטען, זיי זאלען אנהאלטען ארדנונג. אבער דעם שם פון די דאזיגע שטיקער האט דערגרייכט ווייטער פון דער גהעטא און קריסטען זיינען פון אלע עקען שטאדט געקומען זעהן די פארשטעלונגען. דאס האט געפיהרט דערצו, וואס די שטאדט בעאמטע האבען פערבאטען צו שפיעלען די שטיקער אונטער א שטראף פון צוואנציג טאלער.

די ביידע אויפפיהרונגען זיינען פארגעקומען ארום דאס יאהר 1710, און פון דיעזער דאטא קאן דאס אידישע טהעאטער צאהלען זיין געבורט.

סאול ראסקין

מאָרגאַנ'ס קאָלעקציע

(אויסגעשטעלט אין מעטראָפּאָליטען מוזעאום)

אויסשטעלונגען פון קונסט־ווערק האָבען מייסטענס עסטהעטישע צוועקען. זיי קענען אויך זיין בעלעהרענד, אויב די ווערק זיינען אויסגעשטעלט לויט א געוויסען פּלאַן; זיי בעקענען א מאָל דעם צושויער מיט דער ענטוויקלונג פון א קינסטלער'ס טאַלאַנט, אָדער מיט די כאַראַקטער־שטריכען פון א שוהלע, אָדער עפּאָכע. דאָס קען זיך מאַכען, אָבער געוועהנליך איז דאָס א נעבענזאַך, דער הויפּט־צוועק פון קונסט־אויסשטעלונגען — איז צו געבען עסטהעטישען גענוס. א קונסט־קאָלעקציע, פאַרקעהרט, האָט אימער בעלעהרענדע און וויסענשאַפטליכע צוועקען, פיעל מעהר איידער עסטהעטישע, ווייל יעדער קאָלעקציאָנער, אויב ער איז ניט אן אויפגעקומענער גראָבער יונג, האָט א געוויסען געשמאַק און פּלאַן, לויט וועלכען ער זאַמעלט. אַזאַ קאָלעקציע וועט הייסען א גוטע, אָדער א מיטעלמעסיגע, ניט לויט דעם עסטהעטישען ווערטה פון די ווערק, נאָר לויט דעם ווי א געוויסער פּלאַן פון א קאָלעקציאָנער איז דורכגעפיהרט געוואָרען. דאַרום ווילען מיר אין אונזער איבערבליק איבער מאָרגאַן'ס קאָלעקציע זיך ניט אריינלאָזען אין קונסט־קריטיק, נאָר איינפאַך אנווייזען, וואָס דאָ איז פאַראַן.

און פאַראַן זיינען דאָ זאַכען איבערגענוג! דיעזע קאָלעקציע איז די גרעסטע און וויכטיגסטע וואָס אן איינצעלנער מענש האָט בעוויזען צונויפצוקלייבען. ווען מען דערמאַנט זיך נאָך אַז די אוצרות, וואָס זיינען יעצט אויסגעשטעלט אין די דרייצעהן צימערען, זיינען נאָך ווייט ניט אַלעס, וואָס מאָרגאַן באַזיצט, אַז פיעלעס געפינט זיך נאָך אין פערשיעדענע ווינקלען, און טאַקע אין דעם מעטראָפּאָליטען־מוזעאום גופא, מוז מען צוגעבען, אַז דער טיטעל „ק ע נ י ג פ ו ן אַ ל ע ק אָ ל ע ק צ י אָ נ ע ר ע ן" האָט דער פערשטאָרבענער מאָרגאַן גאַנץ גוט פאַרדיענט. ער האָט געהאַט אגענטען אומעטום. זיי פלעגען פון די פאַרבאָרגענסטע ערטער אויפזוכען פאַר איהם אַנטיקען: בראָנזו, זעלטענעם פאַרפאָר, אַלטע מעבעל־שטיק, קריסטאַל, אַלטע טאַשען־זייגערלעך, מעדאַליאָנען מיט מיניאַטור־בילדער, סטאַטועטקעס פון טערראַ־קאָטטאַ, (לעהם), שניצעריי פון האָלץ, עלפענביין, בילדער, טעפּיכע...

אָט האָבען צוויי גריכישע פויערים אויף דעם אינזעל „צ י פּ ר ו ס", גראָבענדיג די ערד, געפונען אן אוצר פון עלף אַלטע זילבערנע טעלער און ציערונג. די טעלער שטאַמען פון פינפטען יאָהרהונדערט, זעלטען אינטערעסאַנטע מוסטערען פון ביזאַנטינישער זילבערשמידקונסט, מיט מאָדעליערטע בילדער, וואָס שטעלען פאָר עפּיזאָדען פון דוד'ס געשיכטע, (זיין קאַמפּף מיט'ן לייב און מיט גלית הפלשתי)... די טעלער זיינען כמעט נאָך גאָר נייע, אַזוי גוט זיינען זיי אין דער ערד אויסגעהיט געוואָרען; יעדער מוזעאום וואָלט זיך געשעצט גליקליך צו האָבען דיעזען אוצר. נון, זעקס פון די עלף טעלער און כמעט דאָס גאַנצע ציערונג זיינען אַריין צו מאָרגאַן אין די הענד.

מאָרגאַנ'ס אויסשטעלונג איז אַזוי גוט אַראַנזשירט, אַז געהענדיג פון צימער צו צימער געהט איהר איבער די גאַנצע געשיכטע פון קונסט, אָנהויבענדיג פון גרויען אַלטער ביז נאָהענט צו אונזערע טעג.

אָט הייבען מיר אָן פון ערשטען צימער (גאַלערעע 11). אין א גלעזערנע שאַפּע בעצייכענט מיט דעם לעטער A געפינט איהר עגיפּטישע בראָנזענע סטאַטועטקעס, געשיר, חיות, צווישען וועלכע א גרויסע קאַץ פון שוואַרצען מעטאַל וואַרפט זיך בעזונדערס אין די אויגען. אין א צווייטע גלעזערנע שאַפּע B געפינט איהר אַלט גריכישע שטיקלעך בראָנזאַרבייט. איין שטיקעל פאַרזשאַווערטער בראָנז, צוויי קליינע פיגורלעך, איז פון גרויסען ווערטה. ס'איז אַלט אַרום 4000 יאָהר. אין די שאַפּעס D E געפינט זיך בראָנז פון אַלטען רוים. אין די שאַפּעס F G ליגען ביינערנע שניצערייען פון די ערשטע צייטען נאָך קריסטוס. אין שאַפּע K — מוסטערען פון אריענטאַלער קונסט; וואַזען, לאַמפּען מיט אויפשריפטען געמאַכט פאַר מאַהאַמעדאַנישע טעמפּלען . . . אין דער שאַפּע I געפינט איהר די אויבענדערמאָנטע 6 טעלער מיט די דוד־געשיכטען . . .

עס קוקט פון יעדען ווינקעלע אין דיעזען צימער די אַלט־אַלטע גרויע פערגאַנגענהייט, עס הערען זיך לאַנג־לאַנג פערקלונגענע שטימען...

„אַפּאָלאָ"

פון אַלטערטום און „רענעסאַנס"

„סאַטיר" פון פראנצעסקא
דא־סאַנט׳אַגאַטאַ

פון דיעזען אַלטערטומס־צימער געהען מיר אַריין אין צימער 12. דאָ בעגעגענען מיר זיך מיט די צווייטע עפּאָכע אין דער קונסט, די גאָטהישע. דאָס איז די צייט פון מיטעלאַלטער וואָס האָט געדויערט פון 11 ביז'ן 14טען יאָהרהונדערט. אין יענער צייט האָט די קונסט אין גאַנצען געדיענט דער קירכע, מען האָט קיין אַנדערע זאכען ניט געמאָהלען, געשניצט און געשמידט, ווי נאָר אַלטאַרען, איקאָנעס, מאַדאָננאַ'ס — זיצענדיגע, שטעהענדיגע, יעזוס לייֵדענס־געשיכטען, מאַרטירער, הייליגע געשיער און ז. וו. גאָרנישט אויסער רעליגיעזע זאכען. אין דיעזען צימער געפינען מיר אויסגעצייכענטע ביישפּיעלען פון דיעזער שקלאַפּיש־הייליגער קונסט.

טרעטען מיר אַריין אין צימער 13, קומען מיר מיט אַמאָל אַריין אין גאָר אַ נייער וועלט — די עפּאָכע פון רענעסאַנס אין דער קונסט. דאָס איז די קונסט פון 15טען און 16טען יאָהרהונדערט. די מענשען האָבען זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון דעם לאַנגען מיטעל־אַלטערליכען שלאָף, האָבען אויפגעמאַכט די אויגען און אַ קוק געטהאָן אויף די ליכטיגע וועלט. זיי האָבען אויך דערזעהען די איבערגעבליבענע און אויסגעגראַבענע קונסט־ווערק פון דעם אַלטען העלליכען גריכענלאַנד, האָבען עס פאַרגליכען מיט זייער אייגענע פאַרהויקערטע רעליגיעזע קונסט און אַן איבערקעהרעניש איז פאָרגעקומען אין זייערע מוחות. זיי האָבען אָנגעהויבען נאָכצומאַכען דעם גייסט פון דער קלאַסישער קונסט, די ליכטיגע גריכישע געטער־וועלט האָט ווידער אויפגעלעבט. עס זיינען ווידער ערשיענען פאַוונען, סאַטירען, הערקולעסען, צענטאַוורען, טריטאָנען, נעפּטון'ס, דיאַנעס, געטינען פון ליעבע און די איבעריגע געטער. אפילו די מאַדאָננאַ מיט יעזוס האָבען אָנגעהויבען פאָרגעשטעלט צו ווערען מיט געזונדע שעהנע פּנימ'ער פון ווענוס און אַפּאָללאָ, די הייליגע סובאַנע עהנליך צו ניאָבעאַ. קורץ, די קונסט האָט וואונדערבאַר אויפגעבליהט. מיקעל אַנזשעלאָ, לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי און פיעלע אַנדערע זשעניאַלע קינסטלער זיינען די קינדער פון דער רענעסאַנס. נון, אין דיעזען צימער האָבען מיר אַ גאַנצע רייהע קלענערע אַרבייטען פון בראָנז פון יענער הערליכער צייט אין איטאַליען. אַלע שעהן, פריי, פול לעבען און לוסט! יעדע שאַפּע אין דיעזען צימער איז ווערט מען זאָל לאַנג שטעהן דערביי און בעטראַכטען יעדע קליינינקייט. בעזאָנדערס די שאַפּע , דאָרטען געפינט איהר צווישען עטליכע אינטערעסאַנטע רעפּראָדוקציעס אין בראָנז, פון מיקעל אַנזשעלאָ, צוויי זאכעלעך פון איינעם פון די אינטערעסאַנסטע קינסטלער־פיגורען אין דיעזער צייט. דער נאָמען פון דיעזען קינסטלער איז ב ע נ ע־ו ו ע נ ו ט ו טשעליני, אַ סקולפּטאָר, יואַוועליער, צייכנער, מעטאַל־גיסער, באַנדיט, מערדער, אַסטראָזשניק, ראָמאַנטישער ליעבהאַבער, דועליסט, פּאָעט, אַ מאַן וואָס האָט פּונקט אַזוי גוט געאַרבייט מיט'ן קינזשאַל און ראַפּירע, ווי מיט'ן שניצמעסער און פּענסיל . . .

מיר טרעטען אַריין אין צימער 14. נאָך אַלץ די לעבענסלוסטיגע קונסט פון דער רענעסאַנס. דאָ געפינט איהר אַ רייהע שאַפעס פון ווייסע געפעס, וואַזען, טעלער, טעפּ, בעפּוצט און באַמאָלען. אין שאַפּע O געפינט איהר בערג־קריסטאַל, קינסטלעריש בעאַרבייט מיט פיגורען, און נאָך פיעל וואונדער פון טעכניק און אַרבייט. דער צענטער אָבער פון דיעזען צימער איז אַ קונסט־ווערק פון זעלטענעם ווערט — ראַפאַעלס אַ מאַדאָננאַ. מאַריאַ מיט דעם יעזוס־קינד, זיצט אויף אַ טראָן אַרומגערינגעלט מיט „הייליגע“. אויף דעם אויבערשטען טייל פון בילד געפינט זיך גאָט—פאַטער, בעגלייט פון מלאכים און כרובים. דאָס בילד איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען קאָלאָננאַ־ראַפאַעל. געמאָלען איז זי פון ראַפאַעל פאַר אַ פרויען קלויסטער אין יאָהר 1504. צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער האָבען די מאָנאַשקעס דאָס בילד פאַרקויפט צו איינעם אַ פּרינץ. דערנאָך איז דאָס בילד געוואָרען דאָס אייגענטום פון אַ רוימישער פאַמיליע קאָלאָננאַ. דערנאָך האָט דאָס בילד בעלאַנגט צו קעניגע, געוואַנדערט פון פּאַריז קיין לאָנדאָן, ביז זי איז ענדליך אַריינגעפאַלען אין די זיכערע הענד פון מאָרגאַן. מאַנכע דענקען, אַז דאָס איז דאָס גרעסטע קונסט־ווערק, וואָס אַמעריקאַ האָט ערוואָרבען. דאָס בילד איז זעהר וויכטיג, ווייל ס'איז דער איינציגער „ראַפאַעל“ אין היגען מוזעאום. ס'איז איינס פון זיינע יוגענד־ווערק; ווייט ניט דאָס בעסטע וואָס ער האָט געשאַפען. דאָך זעהט מען אויף דיעזען בילד אַלע יענע סימנים, וואָס האָבען אַזוי גרויס ראַפאַעלס נאָמען געמאַכט. איהר האָט דאָ יענעם בעזאָנדערען קאָלאָריט פון גאָלד־פאַרב, טיעף ברוין, ליכטיגע רויט, גרין און בלוי, אַזוי וואונדערבאַר ווייך און האַרמאָניש געמישט. איהר האָט דאָ אויך יענע ווייך געפּינזעלטע, דין און פיין אַרויפגעלעגטע פאַרבען, אויך די עדעלע פּנימ'ער מיט דעם חן און צויבער, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר ראַפאַעל'ן. עס זיינען דאָ שעהנערע און גרעסערע בילדער אפילו אין היגען מוזעאום, אָבער מעהר ווערטפול פאַר אַ קאָלעקציע איז ניטאָ . . .

צימער 15 איז געווידמעט דער שפּעטערדיגער עפּאָכע פון רענעסאַנס, דער האָלענדישער און בעלגישער קונסט. ווידער געפינט איהר דאָ קאָלעקציעס פון פּאָרצעלאַן, בעמאָהלענע עמאַל, און אַנדערע געגענשטענדע. די הויפּטציערונג אין דיעזען צימער זיינען אָבער בילדער פון די גרויסע קינסטלער פון נידערלאַנד. צוויי פּאָרטרעטען פון דעם עלעגאַנטען וואַן דיק, מיט



„מאַדאנא" פון ראפאעל — „קאלאנא־ראפאעל"

ערעלע לענגליכע געזיכטסציגע, הענד מיט ווייסע לאנגע פינגער . . . א פּאָרטרעט פון פּעטער פּאול רובענס, געמאלען מיט דעם גאנצען געניוס און גלאנץ, אויף וועלכע רובענס איז געוועזן פּעהיג. ס'איז דאָ אויך פאראַן אַ מערקווירדיגער פּאָרטרעט פון רעמבראנדט'ס האַנד, געמאלען אזוי טיעף און גרינדליך, אַז עס דוכט זיך — די וועלט וועט צופאַלען ווערן אין רואינען און דער דאָזיגער מענש וועט בלייבען לעבען און קוקען פון דעם טונקעל־ברוין ארוים . . .

בילדער. נאָך אַ רובענס בילד, צוויי קינדער פּאָרטרעטען פון שפּאַנישער שולע. איינער פון זיי איז די ארבייט פון וועלאסקעז, אַ גיגאנט אין דער מאלעריי. אין דיעזען צימער געפינט זיך נאָך פיעל דייטשע גאָלד־שמידען'ס ארבייט. די דייטשען, די גרעסטע ביער־טרינקער, האָבען פון אלע צייטען פיעל געהאלטען פון „בעכער" און האָבען איהם טאַקע פאָרגעשטעלט אין טויזענד פארשיעדענע פאָרמען. דאָ האָט איהר אַ קאָלעקציע פון פארשיעדענע בעכערס, פון די פארשיעדענסטע פאָרמען, מיט די זאָנדערבארסטע איינפעלע.

„די אונטערגעהענדע זון" פון האפּנער

אין צימער 16 רופט אונז אריין מאָרגאַן'ס פּאָרטרעט, וואָס הענגט גראַד אנטקעגען דעם אריינגאַנג. דער פּאָרטרעט איז געמאַכט מיט אַ מערקווירדיגען עפעקט: פון אַ זעהר טונקעלען, כמעט שווארצען בילד לויכט ארויס אַ פּנים, ווי פון הונדערט עלעקטרישע לעמפּלעך באלויכטען . . .

אויף די ווענד פון דיעזען צימער הענגען טעפּיכע פון זעלטענער מייסטערשאַפט און אויף

נון, טרעטען מיר ארויס פון דער רענעסאנס־עפּאָכע, וועלכע האָט דאָ פארנומען עטליכע צימערען און מיר קומען צו דער קונסט פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט.

צימער 17. דיעזער צימער ווערט גערופען דער ענגלישער, ווייל אלע פיער ווענד זיינען בעהאנגען מיט בילדער פון די גרויסע ענג־

„מיסס פאַרען" פון לאורענס

לישע מייסטערס, בילדער ערנסטע, וואָס זיינען געשאפען געוואָרען ניט אין א מאָמענט און פאר א מאָמענט, נאָר פאר דורות און דורות. רעכטס פון ארייגאנג הענגט א בילד פון דעם גרויסען ענגלישען לאנדשאפטס־מאלער ט ו י ר נ ע ר. דאָס בילד שטעלט פאָר ווי מען פיהרט אריבער דריי בילדער פון דעם איטאליענישען קינסטלער בעליני איבער דעם וואסער פון װענעדיג אין א קירכע. דאָס ווערט געטהאָן מיט גרוים פאַראד און פראכט. ווייטער הענגען פאָרטרעטען פון געינסבאָראָ, רייגאלדס, דער בעריהמטער פאָרטרעט פון דער אקטריסע מיסס פארען, גע־מאלען פון לאורענס, דערנאָך א פאָרטרעט פון א יונגער דאמע מיט צוויי קינדער, אָדער ווי דאָס בילד ווערט אנדערש גערופען „די אונטער־געהענדע זון". אויף דיעזען בילד האָט דער קינסטלער פארזוכט צו טהאָן עפּעס וואָס איז איבער די כוחות פון מאלעריי, נעמליך, צו מאָלען די זון אליין. דאָס איז דאָך אן אונ־מעגליכע זאך, ווייל די זון איז בלענדענד. דער קינסטלער קען ניט מאכען זיין בילד אזוי בלענ־דענד ווי די זון. דארום מאָלט מען טאקע קיינ־מאָל ניט די זון דירעקט, נאָר אז מען וויל ווייזען די זון, מאהלט מען זאכען וואָס זיינען בעלויכ־טען פון איהר. אָדער מען מאָלט די זון א פאר־צויגענע און פארטומאנעטע. דאָ אָבער אויף דיעזען בילד האָט דער קינסטלער געוואגט צו געבען א שטיק עכטע זון אין איהר גאנצען גלאנץ . . . געלונגען איז דאָס איהם ניט, אָבער דער פערזוך איז איינער פון די מערק־ווירדיגסטע. א זונען־שטראהל פאלט אין די אויגען פון דאָס קינד און עס פארשטעלט מיט דער האַנד די אויגען. ס'איז זעהר שעהן גע־מאכט.

א חוץ די בילדער זיינען אין דיעזען צימער פאראַן מעבעל־שטיק פון פיינער פראנצויזישער

„קופּידאן און פסיכעא" — א טעראקאטען־גרופּע

ארבייט וואָס האָבען אמאָל בעלאַנגט צו דער העכסטער פראנצויזישער אריסטאָקראַטיע . . . אויך איז ווערט אַנצוקוקען אַ לעהמענע גרופּפּע „קופּידאָן און פּסיכעאַ“, פול ליעבליכקייט און גראַציע . . . .

מיט דער קונסט פון אַכטצעהנטען יאָהר־הונדערט איז אויך פול דער נעכסטער צימער 18. אין דיעזען צימער ווארפען זיך באַלד אין די אויגען די גרויסע טעפּיכער, וואָס הענגען איבער די ווענד. טעפּיכער אויף ווענד האָבען מיר שוין געזעהן אין יעדען פון די פריהעריגע צימערען. און וועלען נאָך מעהר זעהען שפּעטער. זיי זיינען ארום דרייסיג אין צאָהל און פון גאָר פיינער אַרבייט. הענגענדע טעפּיכער זיינען פון די פריהעסטע צייטען געווען אַ זאַך, מיט וועלכער קעניגע, קירכען און אריסטאָקראַטען פלעגען בעציערען זייערע ווענד. דארום האָט דיעזע קונסט שוין לאַנג־לאַנג צוריק געבליהט. ס'איז געווען אַ צייט, דער 12טער יאָהרהונדערט, ווען דיזע קונסט איז געווען פאַ־רעכענט פאַר די שעהנסטע און וויכטיגסטע. שפּעטער פלעגען גרויסע מאַלער, ניט ווייניגער ווי אַ רובענס, מאַכען צייכנונגען פאַר טעפּיכער. די גרעסטע פּאָלקאָמענהייט האָט די טעפּיך־קונסט ערריכט אין פראַנקרייך אין 16טען יאָהרהונדערט. די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט גענומען אונטער איהר שויץ די פאַבריקען פון איינעם אַ זשאהן גאבעלען. פון דאַן אָן האָבען אַ געוויסע סאָרט טעפּיכער אָנגעהויבען טראָגען דעם נאָמען פון דעם פאַבריקאַנט — גאבעלען. אין יעדען שלאָס, פּאַלאַץ געפינען זיך אויף די ווענד גאַבעלען'ס, זיי דיענען אַלס צייכען פון אריסטאָקראַטיזם. אין דיעזען צימער האָבען מיר עטליכע אויסגעצייכענטע גאבעלען'ס מיט בילדער, וואָס אילוסטרירען די געשיכטע פון דאָן־קיחאָט. די פאַרבען זיינען געוועהנליך אויף די גאבעלען'ס בלאַסינקע, ווי אויסגעבליאַקירטע, אָבער פון אַ בעזונדערען חן, און אויך די צייכענונג האָט זיך איהר בעזונדערען רייץ. דער בעריהמטער פראַנצויזישער דעקאָראַטיווער קינסטלער פיר־דע־שאוואַן האָט זיין בעריהמטקייט צו פאַרדאַנקען דעם איינפאַל נאַכצומאַכען אויף זיינע בילדער דעם טאָן און די פאַרבען פון די גאבעלענס.

מיר טרעטען יעצט אריין אין אַ קליין צימערל וואָס טראָגט דעם נאָמען פראַגאָנאַר־צימער. דיעזער צימער האָט אַ זעהר אינטערעסאַנטע געשיכטע. אַזוי ווי איהר זעהט איהם דאָ, איז דער צימער צוערשט געמאַכט געוואָרען פאַר אַ הויכע אריסטאָקראַטישע דאַמע פון פראַנצויזישען הויף. די ווענד זיינען אויסגעמאָלט געווען פון דעם באַריהמטען פראַגאָנאַר. נאָך לאַנגען וואַנדערען זיינען די בילדער פון דיעזען צימער אריין אין מאָרגאַן'ס הענד, האָט ער אין זיין לאָנדאָנער הויז געלאָזט אויפבויען פונקט אַזאַ צימער ווי יענער, דער פראַנצויזישער, דערנאָך אין זיין צוואה האָט ער אויסגעדריקט דעם פערלאַנג, אַז ווען דער מעטראָפּאָליטען מוזעאום וועט אויסשטעלען זיין קאָלעקציע זאָל דער פראַגאָנאַר־צימער ווערען רעפּראָדוצירט פונקט ווי ער איז געווען אין זיין ערשטער געשטאַלט. און דער מוזעאום האָט ווירקליך ספּעציעל געלאָזט אויפבויען אַזאַ צימער־מיט פונקט דיזעלבע צאָהל פענסטער און פונקט דיזעלבע גרויס ווענד, אריינגעמאַכט דעם לייווענד מיט די בילדער אין די ווענד אריין, אַזוי אַז דער צימער זעהט פונקט אַזוי אוים ווי ער איז אַמאָל געמאַכט געוואָרען. דאָס איז איצט דער פּלאַץ וואו מען קען ווירקליך געניסען דעם ראָמאַנטישען, פּאָעטיש־לירישען מאַלער פראַגאָנאַר. איין בילד הייסט „פּאַרפּאָלגונג“. אַ מיידעל אַנטלויפט פון איהרען אַ „פערעהרער“, וועלכער רייכט איהר אַ בלום. די צווייטע איז אַ „ראַנדעוואו“, און נאָך אַנדערע בילדער, זעהר פּאָעטישע, סאַנטימענטאַל־ראָמאַנטישע בילדער פון האַרצענ'ס פריידען און שמערצען. די פאַרבען, די דעקאָראַציעס, די קליידער זיינען פול מיט דעם בעריהמטען גלאַנץ און פּראַכט פון פראַגאָנאַר.



דאָס פראַגאָנאַר־צימער

אין אַ ווייטערען צימער איז דאָ אַ קאָלעקציע פון אַלטע טאַשען־זייגערלעך פון אַזעל־

כע קאָמישע פּאַסאַנען, אז עס ווערט איינפאַך פרעהליך זיי אָנקוקענדיג...

און צולעצט די זעלטען רייכע קאָלעקציעס פון דייטשען, פּראַנצויזישען און כינעזישען פּאַרצעלאַן. דער פּראַנצויזישער פּאַרצעלאַן פערנעהמט דעם 20טען צימער, דער דייטשער דעם 22טען און דער כינעזישער, וואָס געהערט אייגענטליך ניט צו דיעזער אויסשטעלונג, וואָס איז אָבער אויך מאָרגאַנ'ס א געשענק, געפינט זיך אויף א צווייטען זייט פון דיזען עטאַזש.

פּאַרצעלאַן, פּאַיאַנס, פּאַרפּאָר פון פערשיעדענע צייטען און לענדער האָבען מיר שוין געזעהן אין די פריהעריגע צימערן. דיעזער צווייג קונסט הייסט קעראַמיקס. דער גריכישער גאָט פון וויין, „באַקכוס“, האָט געהאַט א זוהן, וואָס האָט געהייסען קעראַמאָס. דיעזער קעראַמאָס איז דאָס דער בעשיצער געווען פון לעהמענע געפעס־קונסט ביי די אַלטע גריכען. דערפון איז דער נאָמען קעראמיקס. דער מאַטעריאַל פאַר אַלע קעראַמיקס איז לעהם פון געוויסע סאָרטען. עס ווערט צוערשט פון דיעזען לעהם געמאַכט די פאָרם פון דעם טאָפּ, וואַזע, טעלער, קרוג און דערגלייכען. דערנאָך טריקענט מען עס און מען ברענט עס אין ספּעציעלע אויוועגס. נאָך דעם טונקט מען דאָס אריין אין א גלאַזיערענדע פליסיגקייט און וויעדער ברענט מען עס אין פייער. דערנאָך ערשט באַדעקט מען דאָס געפעס מיט אַ צייכענונג און וויעדער אריין געשטעלט אין פייער. און דער פייער מאַכט שוין, אז דער לעהם, גלאזיער און פאַרב זאָלען ווערן איין קערפער און איין נשמה.

די צייכענונגען, די דעקאָראַטיווע זייט פון די קעראַמיקס איז, פערשטעהט זיך, דאָס וויכטיגסטע פאַר אונז. פאַר דעם קולטור פאָרשער זיינען זיי גאָר ניט אָבצושעצען; זיי שפּיגלען אָב די נייגונגען און געשמאַקען פון א פאָלק בעסער ווי אַלע אַנדערע קונסט־צווייגען, ווייל די צייכענער זיינען דאָס פאָלק אַליין, די פּראָסטע האַנדווערקער, דירעקטע קינדער פון פאָלק.

דאָס איז, אין קורצען, מאָרגאַנ'ס קאָלעקציע.

דר. נ. סירקין

איזראעל זאנגוויל

(צו זיין פינפציג־יאָהריגען יובילעאום)

ר איז דער סימבאָל פון דעם מאָדערנעם יודענטום, וואָס איז אַזוי פול מיט ווידערשפּריכע. אין ז אַ נ ג וו י ל, דעם מענשען, דעם פּאָעט, דעם פילאָזאָף, דעם ענגלענדער, דעם איד, דעם ציוניסט, דעם אסימילאטאָר, דעם שעפּפער, דעם קריטיקער, דעם שפּאָטער, דעם גלויביגער, יע דעם גרויסען גלויביגער, דעם גאָט־צושטערער און גאָט־זוכער זעהען מיר דעם מאָדערנעם איד, אין אלע זיינע מערקווירדיגקייטען און אין אַלע זיינע סתירות.

מיט פינפציג יאָהר צוריק איז ער געבאָרען געוואָרען אין דעם הויז פון א אָרעמען אידישען פעדלער אין לאָנדאָן אין ווייטשעפּעל, אפשר אין דעם הויז פון א משה אנסעל, איינעם פון יענע פערהונגערטע שנאָרער־פּראָלעטאַריער, וועלכע ער שילדערט אין „די קינדער פון געטאָ“. אָבער ער איז געבאָרען געוואָרען מיט מעהר וויץ און פאנטאזיע און קראפט, מיט מעהר געניאַליטעט און מיט אַ ביסעל מעהר גליק, איידער אַלע אַנדערע קינדער פון געטטאָ. און ער איז געוואָרען — אַ טרוימער פון געטאָ, איינער פון זיינע מערקווירדיגסטע טרוימער. ער האָט געהאַט גליק אין לעבען, און זיין גליק איז בעשטאַנען דארין, וואָס ער האָט זיך אין זיין יוגענד דערקענט שוין אלס אַ אידישען גייסט, אלס א געניוס פון מזרח, וואָס בלייבט זיך טריי און מוטיג אין דעם פרעמדען מערב. ווי לייכט וואָלט ער דאָך געקענט צוגרונד געהען דורך דעם אינווענדיגען ווידערשפּרוך צווישען זיין גע'ירשנ'טען מזרח און ערוואָרבענעם מערב! מיט זיין קינסטלער־פּינזעל מאָלט אונז אויף זאנגוויל אין זיין פּאָעטיש־פילאָזאָפישער סקיצע: „חד־גדיא“ די געפאהר, וואָס איז געוועזן פערבאָרגען אין זיין קינסטלערישער נשמה. דער אונגליקליכער יונגער איד פון ווענעדיג, דער פיינער קינסטלער, האָט דערגרייכט די העכסטע שטופּע פון קולטור. אָבער אין די טיעפסטע פאַלטען פון זיין נשמה ליעגט פערשלאָסען און באהאַלטען אַן אַנדער קולטור־אוצר, דאָס ליכט פון מזרח. דאָס איז אייגענטליך זאנגוויל'ס שאטען און אייגענער שרעק. ער געהט פערלאָרען, דיעזער קינסטלער פון וועני־

דיג, ווייל די גאַנצע וועלט־קולטור קען ניט שטי־
לען אין איהם דעם ברויזענדעם ים פון ספקות
און פראגען און זוכענעש נאָך דעם העכסטען
אמת, און דער ים גופא פארזינקט נאָך'ן אויפ־
ברויזען ביז צו אַ אונזיכטבארען טראָפּפען. מיט
דעם הבל־הבלים בנוגע צו דער גאַנצער קולטור
און דעם לעבען—און דעם שמע ישראל אין דעם
גוסס'דיגען האלז פארזינקט ער אין וואסער,
דער אונגליקליכער אידישער קינסטלער פון וועֿ־
נעדיג, אונטער זיין פאטער'ס חד־גדיא ניגון פון
יענער האלב־גלויביגער און האלב־שפּאָטיגער
פילאָזאָפיע פון לעבען און געשיכטע. זאנגוויל
איז געווען גליקליכער, איידער זיין שאטען און
זיין שרעק, דער קינסטלער פון וועֿנעדיג; ער
האָט איהם איבערוועלטיגט אינערליך און זיך
פון איהם בעפרייט. ער האָט דערקענט אין
זיין פריהסטער יוגענד, אז דאָס יודענטום האָט
אַ ווערט אפילו אלס קוואל פון ווידערשפּרוכען.



איזראעל זאַנגוויל

דיזער געפיהל האָט געראטעוועט זאנג־
וויל'ן פון צו ווערען בלויז אַ ענגלישער פּאָעט
און קינסטלער. ער האָט זיך לכתחילה אפילו
געפּרובט געהען אויף דיזען פאלשען וועג אין
האָט אָנגעשריעבען „דער פּרעמיער און דער
מאלער“, אָבער ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון
דיזעם וועג און אומגעקעהרט צוריק צו דעם
קוואל פון זיין קינסטלערישען שאפען, צום אי־
דישען לעבען. ווער ווייס, ווי דער דיכטער
וואָלט זיך פארקינצעלט און פארפאלשט, ווען
זיין לעבעדיגער אינסטינקט וואָלט איהם ניט
אויפגעדעקט גלייך פון אָנפאנג אָן, אין וואָס עס
בעשטעהט זיין קינסטלערישע שליחות. זאנג־
וויל איז געוואָרען דער דיכטער פון דער אידי־
שער גאס, פון דעם געטאָ, דער קינסטלערישער
פארשעהנערער און פילאָזאָפישער בעפרייער
פון געטאָ, דער ליעבענדער שפּאָטער און דער
צאָרניגער טרוימער פון געטאָ.

דאָס אידישע געטאָ איז אַ מערקווירדיגעס
געמיש פון קאריקאטור און גרויסקייט. קארי־
קאטור אין דער ווירקליכקייט און גרויסקייט
אין דער מעגליכקייט. אונזער דיכטער האָט
עס געפיהלט אין זיין „פּראָלאָג צו די קינדער
פון געטאָ“:

ניט אלץ איז טרויריג אויף דער אידען־גאַס,
עס שוועבט איבער'ן שלימאזעל אויך דער
גייסט פון שפּאַס,
און וועבט פון דעם פורכטבארען געוועב
פון דראמע
דאָס פרייליכס פון דער מעשליכער פּאַ־
נאָראמע.
אָט קרימט זיך דער פּאָעט, דער צבועיאק
ווארפט אָן אַ מורא,
פערשעמטע חתן־כלה ברענגט צונויף דער
שדכן,
דער שפּיעלער שפּיעלט, דער פעדלער לויבט
זיין סחורה,
בייזאמען זינד און קדושה, דער חכם און
דער בדחן,
קבצנים ווערען גבירים, בייבים האלבע אידען,
און דער שבת־קדש גיט צו אלץ זיין פריעדען.

און דער דיכטער פיהרט פארביי פאר אונ־
זערע אויגען אלע שלימאזעלס און שלומיאל'ס
פון דעם געטאָ, אלע פאר'חושכ'טע, פארנאַ־
רעשטע, וועלט־פרעמדע מאטעריאליסטישע און
אידעאליסטישע קינדער פון געטאָ. אָט עפענט
אונז דער דיכטער די טהיר פון דאָס הויז פון
משה אנסעל, וואו מען עסט דאָס ברויט פון
נויט, דעם מאָלצייט פון טשאריטי, פון די בעלי־
צדקה און בעלי־טובות, וועלכע טרינקען דעם
ארעמאַן'ס בלוט און מיינען, עס איז וואסער.
אונטער משה אנסעל וואוינט בער בעלקאוויץ,
דער אידישער קליין־קאפּיטאליסט, דער סווע־
טער, פון וועלכען דער דיכטער דערצעהלט אונז
אַ בארג פון טראגי־קאָמישע מעשות, און פון
וועלכע ער שיינט ארויס ווי אַ פּערל אין אַ הוי־
פען מיסט. מאלקע און די קליינבירגערליכע
כביבה ארום איהר, דער פרומער רב רבי שמואל
און זיין פאמיליע, געהען פערביי אונזערע אוי־
גען אין זייער בעשרענקטען מענשליכען עגאָיזם
און זייער העבערער, כמעט איבערמענשליכער
הייליגקייט, דערניעדריגט און דערהויבען דורך
משה אנסעל'ס נויט. דער נייע־העברעאישער
פּאָעט פנחס מלכי־צדק, יענער מישמאַש פון אַ
פרומען משכיל מיט אַ רעווערענד, פון קריטיק,
טראדיציאָן, האלב־בילדונג, אויפקלערונג, שרעק
און קליינליכקייט, וואָס שטאמט פון אָרעמקייט,
איז אַ נייע פּלאַנץ אין דעם געטאָ פון דער נייער
אידישער וועלט. די חברה ישוב ארץ ישראל,
דער אידישער טעאטער, די אידישע ארבייטער־
בעוועגונג מיט דעם סאָציאליסטישען קלוב, דער

סטרייק — זיינען די פיעלגעשטאלטיגע שטיינער, וואס שטעלען צונויף די זאנדערבארע מאזאיק פון געטא. יע, עס איז זאנדערבאר, ביז צום לאכען זאנדערבאר, שפאסהאפט ביז צו א קאריקאטור דאס געטא מיט זיינע קלאגעדיגע קינדער, שלימאזעלדיגע אינטערעסען, קאמישע חכמים, קבצנ׳יש־מאטעריאליסטישע אידעאליסטען און הייליגע נארען.

ניט זאנגוויל אליין האט געמאלט דאס אידישע געטא. אלע אידישע דיכטער זיינען דיכטער פון געטא, פון דער אידישער גאס, אבער זאנגוויל האט דאס געטא ערשט דערהויבען צו זיין גרויסקייט. ביי מ ע נ ד ע ל ע מ ו כ ר ס פ ר י ם איז דאס לעבען פון געטא א לעבען פון נארעשקייט, פינסטערנים, עלענד און שרעק, און די ערלעזונג פון דיעזעם לעבען איז די אויסלעזונג. די קינדער פון געטא זאלען ניט לאזען נאך זיך קיינע קינדער אין געטא. אט דאס איז דאס לעצטע ווארט פון דעם השכלה־פאעט. ביי ש ל ו ם א ש איז ניטא קיין געטא, ניטא קיין קינדער פון געטא, ניטא קיין אידישע גאס, נור עס איז פאראן דאס אידישע שטעדטעל, דאס שטעדטעל, וואס שטעהט אויף גאט׳ס ערד און זויגט איהר פרייד פון דער מוטער ערד׳ס ברוסט. דאס שטעדטעל שפאטעט ניט פון זיך זעלבסט און ליידעט ניט, עס בענוגענט זיך מיט זיך זעלבסט. אש זעהט ניט אין איהם קיין טראגעדיע און קיין קאמעדיע, און נאך וועניגער א טראגיקאמעדיע. ווי דאס וואסער פון דעם ארומיגען ווייקסעל פליעסט דאס לעבען פון שטעדטעל, צונויפגעשטעלט פון יחזקאל גאמבינערס שפע און פרומקייט, פון דעם חסידישען רבי׳ס התלהבות, פון דעם מתנגדישען רב׳ס עהרליכקייט, פון דעם אלטען לעבענס־מנהג, פון דער בעל־בתי׳שער מאראל, פון די קליינע מענשליכע זינד פון די פארשייטע. דאס שטעדטעל איז אן עפאס, און אין עפאס איז ניטא קיין שבת, ווייל אלעס איז וואכעדיג, און ניטא קיין וואכעדיגקייט, ווייל אלעס איז שבת.

„און דער שבת קדש גיעט צו אלץ זיין פריעדען“ . . . דערמיט דייטעט אן דער פאעט פון געטא, איזראעל זאנגוויל, די ערלעזונג פון געטא דורך דעם שבת פון געטא. די קינדער פון געטא זיינען אויך טרוימער פון געטא, און דורך דעם טרוים, וועלכער טראגט זיך און שוועבט איבער דעם געטא, בעקומט ערשט דאס געטא זיין העכסטען היסטארישען ווערטה. „דער איד איז די גאנצע וואך א הונד און שבת ווערט ער א מענש“ — דיעזער בעריהמטער געדאנק פון היינע ווערט ביי זאנגוויל א קוואל פון קינסטלערישער שעפפונג. דאס געטא איז ארעם, פינסטער, אונגליקליך, הינטיש, אבער עס זיינען פאראן אויך די גרויסע שבת־טעג פון געטא, ווען עס ווערט מענשליך, יע איבערמענשליך, און ווען עס חלומ׳ט דעם גרויסען חלום פון וועלט־בעפרייאונג און בריינגט אין דער וועלט די בשורה פון פריעדען.

די קינדער פון געטא איבערוועלטיגען זיך זעלבסט און ווערן „די טרוימער פון געטא“, זאנגווילס שעהנסטער ליטערארישע פרוכט, דער ריינסטער אויסגוס פון זיין דיכטערישער נשמה. „מיינט ניט דאס אין געטא איז אלעס לעכערליך און נאריש, דאס געטא איז ערהאבען און אייביג און אונענדליך אין זיינע מעגליכקייט פון גייסט און לעבען“. דיעזע ווערטער, וועלכע זיינען ענטהאלטען אין פראלאג צו די „קינדער פון געטא“, וואלטען געקענט זיין א עפילאג צו „די קינדער פון געטא“ און א פראלאג צו די „טרוימער פון געטא“. אין דעם קינד פון געטא ליעגט באהאלטען א אוריאל אקאסטא, א שבתי צבי, א ספינאזא, א בעל שם טוב, א סאלאמאן מימן, א היינע, א לאסאל, א הערצל, און אויך—דער אסימילירטער קינסטלער פון ווענעדיג. די אפקורסים און פרייידענקער פון געטא האבען געגעבען דער וועלט אוריאל אקאסטאן און ספינאזא, וועלכע האבען געוואלט בעפרייען די וועלט פון די קייטען פון טראדיציאן און זי ארומנעהמען מיט די געזעצען פון אייביגען שכל. שלמה מימן און מאזעס מענדעלסאן, די צוויי קינדער פון געטא, זיינען ביידע וועלטפיגורען פון דער אייראפעאישער קולטור. אבער מענדעלסאן האט עס פערמאגט צו אונטערדריקען אין זיך דעם געטא־איד און אויסצושלייפען דעם אידישען חכם אין זיך מיט דעם דיאמאנט־שטיין פון דער אייראפעאישער קולטור, און סאלאמאן מימן האט זיין גאנצעס לעבען דער וועלט אויף צו להכעיס ארויסגעשטעלט אפען דעם אנארכיסטישען געטא־איד אין זיך. לעכערליך איז דער געטא־איד מיט זיין ווילענלאזען לשנה הבאה בירושלים, בעטראכט אבער ניט דיעזע ווערטער אלס א פארם: אט הויבט זיך אויף דער שבתי צבי און מאכט דערפון א גרויסען ערנסט און טראגט אריין ווילען און האנדלונג אין די טויטע האפנונג. אבער שבתי צבי זעלבסט ווערט צום סוף פון א העראישער געשטאלט א לעכערליכע און פון א לעכערליכער געשטאלט א נארישע פיגור. עס איז די טראגיק פון געטא!

די געטין פון פאעזיע, וועלכע איז קיינמאל ניט פערשוואונדען פון דעם געטא, האט געקוסט היינריך היינע אויף זיין שטערען, און עס האט אבגעקלונגען אויף דער אידישער הארפע די העכסטע לירישע מוזיק. עס איז געוועזן א לעבען פול ליידען, פרייד, שפאט, גלויבען, ווידערשפרוך, טרייקייט, און טיעף אין דער נשמה פון דעם דיכטער איז געשטאנען אפען ווי אן אבגרונד די סתירה צווישען איד און גריכען. שעהנהייט און אמת, לעבען און מאראל, איך און גאט, דיעזע סתירות פערפאלגען נאך היינע׳;

אויף זיין פינסטערן קראנקען־בעט, און דער ריכטער שטארבט מיט דיזער פורכטבארער סתירה אויף זיינע ליפען, מיט דער סתירה, מיט וועלכע אלע גרעסטע מענשען האבען פיעלייכט געלעבט. היינע טהוט תשובה צו דעם גאט, וועלכען ער האט אזוי פערשפאטעט: „גאט וועט מיר מוחל זיין“, — דערמיט שטארבט ער און שפאטעט אבער, „דאס איז זיין געשעפט“.

איז לעבערליך דער געטא־רעוואלוציאנער, דער אידישער סאציאליסט פון בערנער־סטריט קלאב אין לאנדאן, וועלכען זאנגוויל מאלט אין זיינע „קינדער פון געטא“? אפשר וואלט ער בלייבען לעבערליך אין זיין מאכטלאזיגקייט אין זיין אבגעזונדערטקייט פון דער וועלט. אבער דער אידישער רעוואלוציאנערער גייסט, דער גייסט פון יודענטום, וועלכער וועבט דאס רויטע געוועב פון סאציאליזם אין דעם געטא, פערקערפערט זיך אין די גרויסע אידישע רעוואלוציאנערע געניען אויסערהאלב פון געטא. לאסאל איז אויך א טרוימער פון געטא, אבער ער וויל זיין דער רעטער פון דעם גאנצען דייטשען פאלק, פון דער מענשהייט, פון אלוועלטליכען פראלעטאריאט, ער וויל מיט זיין געליעבטער אריינמארשירען אין די טויערען פון בערלין, ווי א קעניג געקרוינט פון דעם פאלקס גנאד, ווי א משיח פון דער נייער וועלט. אויף קיינעם פון „די טרוימער פון דעם געטא“ לעגט די געשיכטע ניט אזא צער, דאס „דער חלום איז ניט געווארען וואהר“, ווי זאנגוויל זאגט, ווי אויף פערדינאנד לאסאל.

מיט ישוב ארץ ישראל, מיט אבקויפען און אויסקויפען פאלעסטינא פון טערק, טראגען זיך ארום די קינדער פון געטא, מלכי צדק פנחס, גדליה דער גראסערימען, דער פארברענטער לאומי, וועלכער רעדט לשון קדש, — אט די אלע, וועלכע חלומ׳ען חלום שיבת ציון. אבער פון דיזעם חלום איז ארויסגעוואקסען א פאליטישע בעוועגונג, דער ציוניסטען־קאנגרעס, מיט דער פיגור פון הערצל. „דער איד אין גלות איז א הונד, אויף דעם קאנגרעס איז ער א מענש“, אזוי האט זאנגוויל איבערגעמאכט היינעס ווערטער און אנגעווענדעט זיי אויף דעם ציוניזם. דאס געטא איז פעהיג צו ערהאבענקייט, צו גרויסקייט, צו הערואיזם, צו איבערוועלטיגונג פון זיך זעלבסט, צו גרויסע חלומות, און צו הערואישער האנדלונג, — דאס האט זיך ענטדעקט פאר דעם שפאטישען און ערנסטען קינסטלער־גייסט פון זאנגוויל.

צווישען די טרוימער פון געטא געפינט זיך אבער אויך יענער ווענעציאנישער אידישער קינסטלער, וועלכער בעגעהט זעלבסטמארד צוליעב דעם אינעווענינסטען ווידערשפרוך — דעם ווידערשפרוך צווישען מענש און איד. דיזער וועגעציאנישער קינסטלער איז זאנגווילס שרעק און פורכטבארער שאטען, ווייל אין איהם זעלבסט ליעגען אלע מעגליכקייטען פון דיזעם וועגעציאנישען קינסטלער. אויב דער אידישער וועגעציאנישער קינסטלער ווערט פערצווייפעלט אין דער גאנצער וועלט־קולטור, ווען עס געהט אויף אין איהם דער בעהאלטענער שרש פון זיין אידישער נשמה, ווערט אבער זאנגוויל פערצווייפעלט אין זיין גאנצער אידישקייט, אין דער גאנצער אידישער געשיכטע, אין דער אידישער האפנונג, אין די טרוימער פון געטא, ווען ער דערפיהלט אמאל די גאנצע טראגיק פון דעם מאכטלאזען געטא אין דער ארומיגער וועלט. אפשר האט דאס יודענטום בכלל מעהר ניט קיין צוקונפט, אפשר איז היינט זיין לעצטע גסיסה, וואס לאזט זיך הערען אין דעם גערויש פון ציוניזם, טעריטאריאליזם, נאציאנאליזם? ווער נאך, ווי דער גלות־אויסלעזער איז פעהיג צו אזא שטימונג, צו אזוי טראגישער פערצווייפלונג? דאס איז זאנגווילס פערצווייפלונג אין זיין אייגענער נאציאנאלער און אפשר גאר אויך קינסטלערישער מאכט, ווען ער לאזט רעדען אין „מעלטינג פאט“ דוד׳ן, וועלכער איז ווידער א „קינסטלער“, ווי ער זעלבסט, ווי דער וועגעציאנער איד, דאס אלע פעלקער פון מזרח און מערב, דרום און צפון וועלען זיך פעראייניגען און צונויפשמעלצען אין דער אמעריקאנער רעפובליק, דעם קעניגרייך פון גאט. וואס בעטרעפט די גאנצע הערליכקייט פון רוים און ירושלים, וואוהין אלע פעלקער קומען צו בעטען גאט און צו קוקען ריקווערטס, פערגליכען מיט דער הערליכקייט פון אמעריקא, וואו אלע נאציאנען און ראסען קומען כדי צו ארבייטען און צו קוקען פארווערטס? אין זיין „מעלטינג פאט“, וועלכער איז געווידמעט צו רוזוועלט׳ן, דערוועקט זיך ביי זאנגוויל די אנדערע מעגליכקייט פון זיין אידישען גייסט, די מעגליכקייט פון אסימילאציאן, פון אייגענעם אונטערגאנג.

און ווידער פרובט זיך זאנגוויל, אקוראט ווי אין אנהויב פון זיין קינסטלערישער קאריערע, אויפנעהמען אן אלגעמיינעם פראבלעם און צו בעשאפען פון איהם א קינסטלערישען ווערק. נאך דעם „מעלטינג פאט“ מוז זאנגוויל זיך נאך אמאל פרובען ווערען א ענגלישער פאעט פון אידישער אבשטאמונג. אבער צווישען „דעם פרעמיער און דעם מאלער“ אין זיין לעצטער דראמע: „די קומענדע רעליגיאן“ ליעגט א האלבעם יאהרהונדערט פון אידישען קינסטלערישען שאפען און אידישער געזעלשאפטליכער מיהע. דאס ליעגט ווי א בארג אויף זאנגווילס לעצטער דראמע. רעווערענד סטיפען טריים זוכט צוזאמען מיט זאנגוויל א נייעם גאט און א נייע רעליגיאן. אפשר וואלט זאנגוויל דער איד געקענט אויפנעהמען דעם פארדים פון רעליגיאן דורך די נביאים, דורך דעם תהילים, דורך ספינאזא, דעם בעל שם טוב,

שלמה מימון, היינע, לאַסאַל, דורך דעם מיסטישען תוכן פון ציוניזם, דורך גדליה דעם גראָסערימאַן און זיין נאַיווע גלויביגע אידישקייט, דורך דעם אגיטאַטאָר פון דעם אידישען סאָציאַליסטען־קלאַב, אפשר וואָלט ער אויף דעם וועג פון זיין אידישען קינסטלערישען שאַפען געקענט דערגעהען ווען ניט צו אַ נייעם הימעל, דאָך אָבער צו אַ נייעם האָריזאָנט, אָבער זיין קריסטליכער רעווערענד סטיפען טריים קען קיין נייע רעליגיאָן און קיין נייעם גאָט ניט ענטדעקען. זאַנגוויל קען איהם נאָר העלפען מאַכען לעכערליך דאָס קריסטענטום און אויפדעקען זיין פאַלשקייט, און ספענסער און דאַרווין לעגען איהם אַריין אַ פּאָר שניידענדע געדאַנקען מכח דער אַלמעכטיגקייט פון דער וויסענשאַפט. די קומענדע רעליגיאָן פון סטיפאַן טריים איז דער טריאומף פון דער וויסענשאַפט — טעכניק אנשטאַט גלויבען, ארבייט אנשטאַט גאָט, גליק אנשטאַט גן־עדן, און אונשטערבליכקייט אויף דער ערד, אין דער געשיכטע, אנשטאַט אונשטערבליכקייט אין הימעל. און דער רעווערענד, נאָך יאָהרען פון קאַמפף און נויט, בעקומט פון אַ אַמעריקאַנער מיליאָנער מאַקפאַדען די מיליאָנען צו בויען אַ טעמפעל פאַר זיין נייער רעליגיאָן. אָבער ער איז מאַכטלאָז, דיעזער נייער גאָט, ער קען אפשר פאַרנאַרען מיט זיינע צזאַגען, אָבער טרויסט קען ער דעם מענשען ניט בריינגען. דער טויט פון דעם רעווערענדס זוהן ווילפריעד טריים איז אויך דער טויט פון דעם רעווערענדס נייעם גאָט. די שוואַכע לעבעדיגע מענשען ווילען אַ גאָט פון לעבען, אין זיין שוים זאָל ווייטער לעבען דער גע'הרג'עטער ווילפריעד טריים. פאַלש איז די רעליגיאָן פון דער קירכע און לעכערליך איז דער גאָט פון וויסענשאַפט, — אַזוי ענטפערט זאַנגוויל אויף דאָס פּראָבלעם פון דער קומענדער רעליגיאָן. די קירכע האָט דורך דעם לאָרד טשעמבערליין פערבאָטען אויפצופיהרען אין לאָנדאָן דיעזע דראַמע, די וויסענשאַפט וואָלט אפשר געהאַט מעהר אורזאַכע עס צו פערביטען.

אַזוי פּרובט זיך זאַנגוויל אין זיין נייער דראַמע צו פערשטעהען און צו בענעהמען די וועלט. נאָכדעם ווי ער האָט געלאָזט דורכגעהען די וועלט און דאָס לעבען דורך זיין אידישע נשמה, וויל ער זי לאָזען אָבשפּיעגלען זיך אין זיין קאָסמאָפּאָליטישען גייסט, אין דעם ווענעציאַנישען קינסטלער, וועלכער לעבט אין איהם. אָבער אין דיעזעם געקינצעלטען קונסטשטיק איז זיין גאָט צוגרונדגעגאַנגען, זיין גאָט און זיינע געטער.

ער איז אַ סימבאָל און אויך אַ ווידערשפּרוך איזראַעל זאַנגוויל, אָבער אַ ווידערשפּרוך אַקוראַט ווי דאָס לעבען זעלבסט, אַקוראַט ווי דער איד אין דער וועלט, און די וועלט אין דעם איד. געווים איז איזראַעל זאַנגוויל ניט גרויס גענוג דעם ווידערשפּרוך צו לעזען, אָבער ער איז גרויס גענוג ניט צו וועלען לעזען דיעזען ווידערשפּרוך.

ביבליאָגראַפיע

ש. ראָזענפעלד.

„לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע“ פון ז ל מ ן ר י י ז ע ן, רעדאַקטירט פון ש. נ י ג ע ר. אַרויסגעגעבען פון דער פערלאַגס־געזעלשאַפט „צענטראַל“, וואַרשוי 1914 (תרע"ד).

ד י ס ע נ ס אַ צ י ע פון'ם לעצטען חודש אין דער אידישער ליטעראַרישער וועלט, איז געווים דער „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע“.

איך בלעטער דורך דאָס בוך און דערמאָהן זיך אַ מעשה פון פאַר עלף יאָהרען.

איך בין נאָר וואָס געהאַט געקומען פון אויסלאַנד קיין פעטערבורג. אין איין שעהנעם נאָכמיטאָג קומט אַריין צו מיר אַ אידישער סטודענט און דערצעהלט מיר גאַנץ אויפריכטיג:

— איך האָב אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אויף אידיש. איך בין דער רעדאַקטאָר און דער שרייבער פון דער ענציקלאָפּעדיע אין איהר אַלגעמיינעם טייל. נור וועגען אידישע אַרטיקלען בין איך אין אַן אונאַנגענעהמער לאַגע: איך קען ווענינ אידיש. מוז איך אָנקומען צו אַנדערע. וויל איך אייך פאָרלעגען, אַז איהר זאָלט אָנשרייבען פאַר מיר עטליכע אַרטיקלען וועגען אידישע ענינים.

קומענדיג פון אויסלאַנד, וואו וועגען יעדער א י נ צ ע ל נ ע ר פראַגע איז פאַרהאַן אַ שלל מיט ביכער, וואָס ספּעציאַליסטען האָבען געשריעבען, איז מיר דער יונגער סטודענט־ענציקלאָפּעדיסט אויסגעקומען אַ רעכט ביסעל פערדעכטיג: אָדער ער איז אַ אונגוויסענדער מענש, וועלכער ווייסט ניט, אַז עס איז פאַרהאַן עפּיס וואָס צו וויסען, אָדער עס איז אַ שאַרלאַטאַן.

אין קורצען געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר, האָט ער פונדעסטוועגען צייט געהאַט מיר צו ערקלערען, און אויך גאַנץ אויפריכטיג, אַז ער פערשטעהט זעהר גוט פילאָזאָפיע, היסטאָריע, אַסטראָנאָמיע און אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען, וועלכע האָבען אַ שייכות צו דער ענציקלאָפּעדיע. נור דאָס

„ביסעלע אידיש“ הרג'עט איהם אַוועק . . .

די עטליכע העפטען פון דער „ענציקלאָפּעדיע“, וואָס זיינען פאַר צעהן יאָהרען דאָך ערשיענען, האָבען ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג געדיענט אַלס מוסטער פון אונזער ווירטואָזיטעט אויפ'ן געביט פון „מאַכען ליטעראַטור“ . . .

איצט איז געקומען ה' זלמן רייזען, וועלכער קען יאָ „דאָס ביסעל אידיש“, און האָט בעוויזען זיין ווירטואָזיטעט אויף דעמזעלבען געביט.

ער האָט אַפּנים ניט געוואוסט, אָדער ער האָט געוואוסט און פערגעסען, אַז כדי אַרויסצוגעבען אַ „לעקסיקאָן פאַר ליטעראַטור און פּרעסע“ דאַרף מען קודם כל זיין אַ גוטער ביבליאָגראַף. דאָס הייסט: מען דאַרף פּשוט יאָהרען־לאַנג שטודירען אָט דעם טרוקענעם פאַך. און כדי אַזאַ לעקסיקאָן זאָל האָבען אַ ווערטה, מוז מען כאָטש האָבען פאַר די אויגען די אַלע ווערק, וואָס מ'רעדט וועגען זיי. אויסערדעם מוז מען זיך קלאָר פאָרשטעלען פאר די אויגען דאָס ציעל, וואָס מען וויל מיט אַזאַ לעקסיקאָן דערגרייכען — אויב דאָס ציעל איז ניט נור אָנצושרייבען כך וכך בויגען און מקבל זיין דערפאר כך וכך זהובים.

וואָס איז ה' רייזען אויסען געווען מיט דעם לעקסיקאָן?

אין דער פאָררעדע דערצעהלט אונז דער מחבר:

„די אויפגאַבע פון דער פאָרליגענדער אַרבייט איז צו געבען אַ מעהר אָדער וועניגער פאָלשטענדיגען און גענויען בעגריף וועגען דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע. אין די לויט'ן אַלף בית געאָרדענטע ביאָגראַפיש־ביבליאָגראַפיש־קריטישע אַרטיקלען, וואָס שטעלען צונויף (? ש. ר.) דעם לעקסיקאָן, ווערען בעהאַנדעלט אַלע, אָדער כמעט אַלע, וואָס האָבען אנטייל גענומען אין דער אידישער ליטעראַטור פאַר דער גאַנצער צייט פון איהר פירהונדערט־יעהריגער געשיכטע.“

פון אָט דער קוים אידישער, ציטאַטע ווערט קלאָר, אַז דער ה' רייזען האָט אַ טעות געהאַט. ער האָט געמיינט, אַז דערמיט, וואָס ער וועט געבען „מעהר אָדער וועניגער“ גענויע ביאָגראַפיעס פון אידישע ליטעראַטען, וועט ער אויך שוין „געבען אַ מעהר אָדער וועניגער גענויען בעגריף וועגען דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע“. ביי איהם איז דער ליטעראַט דאָס אייגענע, וואָס ליטעראַטור, דער זשורנאַליסט דאָס אייגענע, וואָס די פּרעסע. דאָס איז אָבער אַ טעות.

דערפאַר איז דער מחבר געקומען דערצו, אַז אַנשטאַט צו שרייבען אין דער פאָררעדע אַ „התנצלות“ דערויף, וואָס ער האָט אויף זיין לעבען קיין איינציגע, רעכטע ביבליאָטעק ניט געזעהן, שרייבט ער דאָרט אַ „התנצלות“ דערויף, וואָס ניט אַלע ליטעראַטען האָבען איהם צוגעשיקט גענויע נאָטיצען וועגען זייערע ביאָגראַפיעס . . . ווארום, לויט זיין מיינונג, ווען אָט די ידיעות וואָלטען איהם ניט געפעהלט, וואָלט שוין אַלין רעכט געווען.

אָט נעהמט, למשל, לייענט איבער דעם אַרטיקעל וועגען יוסף טונקעל מיט זיין „גרינעם פּאַפּוגאַי“ און פערגלייכט עס מיט'ן אַרטיקעל וועגען נחום סאקאלאוו, און איהר וועט בעקומען דעם „גענויען בעגריף“, אַז טונקעל שטעהט מיט הונדערט קעפּ העכער פון סאָקאָלאָוו'ן. אָדער לייענט די אַרטיקלען וועגען יאושזאָן און וועגען יאַצקאַן. ביידע ניט קיין אַי־אַי־אַי. פונדעסטוועגען ווייסען אַלע, אַז דער ערשטער איז אַן עם הארץ און יאַצקאַן איז אַ איד אַ תלמוד חכם. פאָרט האָט ער דריי חבורים אויף העברעאיש געשריעבען. פון זיין ווירקונג — גוט צי שלעכט איז אַן אַנדער פראַגע — אויף דער אידישער פּרעסע לאָזט זיך פיעל ריידען. לייענט איהר אָבער דעם „לעקסיקאָן“ און איהר בעקומט דעם „גענויען בעגריף“, אַז יאַצקאַן מעג פּוצען די שטיוועל ביי יאושזאָנען.

אָבער אָט דעם פעהלער האָט ה' רייזען געמוזט מאַכען צוליעב אַ סך אַ גרעסערען פעהלער, וואָס ליעגט אין יסוד פון דעם גאַנצען „לעקסיקאָן“.

ה' רייזען איז אויסען געווען צו געבען „אַ בעגריף“ נור פון דער אידישער ליטעראַטור. און געמיינט האָט ער, אַז דורך די ביאָגראַפיעס פון די ליטעראַטען וועט ער געבען אַ בעגריף פון דער ליטעראַטור. האָבען אָבער ס'רוב ליטעראַטען, און בפרט נאָך די מעהר אָנגעזעהענע און די עלטערע, געשריעבען אויף ביידע שפּראַכען, אי אויף אידיש אי אויף העברעאיש. מילא מענדעלי צי פּרץ שאָדט זיי דאָס העברעאיש ניט; זיי זיינען גענוג גרויס און גענוג גאַנץ אויך נור אינ'ם אידישען. וואָס טהוט מען אָבער מיט אַ ביאַליק, וואָס שרייבט דער עיקר אין העברעאיש און אין אידיש האָבען מיר אַ אָבגלאַנץ פון זיין גאַנצער גרויס? דאָ האָט ה' רייזען געטון, וואָס אַלע סרסרים טהוען: ער האָט געמאַכט „לחצאין“, האָט ער געגעבען נור אַ שטיקעל ביאַליק, אַ שטיקעל דר. קאַנטאָר, אַ שטיקעל סאָקאָלאָוו א. ז. וו. א. ז. וו. ממילא איז פון דעם העברעאיש־אידישען שרייבער אַרויס אַ פערקריפּעלטע פּערזענליכקייט, און יענער מיט'ן „גרינעם פּאַפּוגאַי“ איז אַרויסגעקומען אַ מושלם בתכלית השלמות. אָט אַזוי זעהט אויס דער „גענויער בעגריף“, וואָס ה' רייזען האָט אונז געגעבען פון די אנטייל־נעהמער אין דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע.

אַנדערש וואָלט עס אויסגעזעהן, ווען דער עיקר וואָלט איהם באמת געווען די ליטעאַטור, און די פּרעסע און די ביאָגראַפיעס נור אַ נעבען־זאַך. דעמאָלט רעדט מען דערהויפּט פונ'ם אינהאַלט פון די ווערק. איז וואָס דער אינהאַלט גיט, דאָס נעהמט מען פון איהם ממילא. וואָלט ביאַליקס „גאָרטען“ פערשטעלט אַלע פלעדערמייז און אַלע פּאַפּוגאַיס. און מיר וואָלטען געהאַט אַ סך אַ גענויערען בעגריף פון דער אידישער ליטעראַטור, ווי מיר האָבען איצט.

נור אָט קומט די ביבליאָגראַפיע.

מיר זיינען געוועהנט צו פערשטעהען אינ'ם וואָרט ביבליאָגראַפיע די ל י ט ע ר אַ ט ו ר, וואו עס ווערט בעהאַנדעלט דאָס פּראָבלעם, אָדער די פּערזאָן, וואָס אינטערעסירט אונז. האָט אָבער דער ה' רייזען אַן אַנדער בעגריף וועגען דעם. ער מיינט, אַז אויב ער האָט וועמענס עס איז ביאָגראַפיע ארויסגענומען פון עפּיס אַ ווערק, איז אָט דאָס ווערק די ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע, וואָס איז שייך צו דער פּערזאָן. דערפאַר, למשל, אַז ער האָט גענומען די ביאָגראַפיע פון דר. קאַנטאָר פון דער רוסיש־אידישער ענציקלאָפּעדיע, איז אָט די ענציקלאָפּעדיע די איינציגע „ביבליאָגראַפיע", וואָס עס ווערט אָנגעוויזען ביי קאַנטאָר'ס נאָמען. וואָס עס איז נאָך אַנדערש־וואו געשריעבען געוואָרען וועגען קאַנטאָר'ן דאָס איז ער שוין ניט מחויב צו וויסען. אָבער אַז פּרץ הירשביין, למשל, האָט אַ ל י י ן געגעבען נאָטיצען צו זיין ביאָגראַפיע, האָט ער שוין גאָר קיין ביבליאָגראַפיע ניט — כאָטש וועגען איהם זיינען ניט וועניג אַרטיקלען געשריעבען געוואָרען. דאָס אייגענע טרעפט איהר אויך בנוגע צו צעדערבוים'ן, וועלכער האָט דאָך גרויסע פערדיענסטען פאַר דער א י ד י ש ע ר פּרעסע. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז פאַראַן וועגען צעדערבוים'ן. ווער האָט וועגען איהם ניט געשריעבען, ווער האָט איהם ניט אָבגעשאַצט פון פערשיעדענע שטאַנדפּונקטען אויס? גענוג אָנצורופען די נעמען פון די שרייבער, וואָס האָבען געשריעבען וועגען איהם — פ א ר צ י ג ע ג ע ן, דאָס איז ניט דעם ביבליאָגראַפס עסק — כדי צו זעהען, וואָסער אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַטור ס'איז דאָ וועגען צעדערבוים'ן. און געשריעבען האָט וועגען איהם: קאָוונער, קאַנטאָר, גאָטלאָבער, אַבראַמאָוויטש, י. ל. גאָרדאָן, פריעדבערג, בריינין און נאָך און נאָך, שוין ניט־רײדענדיג פון אַלע יענע, וואָס האָבען געשריעבען וועגען איהם נור דרך אגב, ווי פרישמאַן למשל. אָבער אויב מיר ווילען ק ע נ ע ן אַ מענשען — און דערצו זאָל דאָך אייגענטליך דיענען די ביבליאָגראַפיע — מוז מען אימשטאַנד זיין צו וויסען פון דער ביבליאָגראַפיע אַלץ, וואָס עס איז וועגען איהם ווען עס איז און וואו עס איז געשריעבען געוואָרען. ה' רייזען האָט אָבער יוצא געווען דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעוויזען די צוויי־דריי קוועלען פון וואַנען ער האָט גענומען זיין ביאָגראַפיע . . . און צעדערבוים — ווי מיר זאָלען זיך אויך פערהאַלטען צו איהם — האָט דאָך געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין לעבען פון די רוסלענדישע אידען.

דערפאַר טרעפט איהר ביי אַנדערע, אַלענפאַלס וועניגער בעדייטענדע, שרייבער, אפילו די „לעצטע געשעהענישען" אין זייער ליטעראַרישען לעבען. אַזוי, צום ביישפּיעל, דערצעהלט אונז ה' רייזען וועגען אַ געוויסען ב.־ד: „זיינע קריטישע אָבשעצונגען פון מאָריס ראָזענפעלד און אברהם רייזען (אין „דאָס נייע לעבען" 1910, 5, 6,7) האָבען אין זייער צייט אַרויסגערופען אַ שאַרפען ענטפער פון ה. ד. נאָמבערג (אין „פריינד" יולי 1910)."

פאַרוואָס אַזאַ אויספיהרליכקייט ביי „ב.־ד." און ניט, למשל, ביי י. ל. פּרץ? פאַרוואָס ניט דערמאָהנען די שאַרפע אַרטיקלען פון פרישמאַן געגען פּרצ'ן, און ניט די אַרטיקלען פון נאָמבערג געגען פרישמאַן, אָדער געגען שנאור א. ד. ג. אין פיעלע אַנדערע פעלע, ביי פיעלע אַנדערע שרייבער? וואָס זשע, עפּיס אַ משא פּנים איז פאַראַן דערביי?

אָבער די אַלע שאלות האָבען איין תרוץ: ה' רייזען האָט געשריעבען דאָס, וואָס ער האָט געדענקט, און האָט ניט געשריעבען וואָס ער האָט נ י ט געדענקט (און ניט געדענקט האָט ער פיעל מעהר, ווי ער האָט יאָ געדענקט), דערפאַר איז ארויסגעקומען, וואָס עס איז אַרויסגעקומען. קיין סיסטעמען זאָלט איהר דאָ ניט זוכען. די גאַנצע גבורה פון „ווירטואָזען" ליעגט דאָך נעמליך דערין, וואָס זיי ווייסען ניט, און ווילען ניט וויסען פון קיין סיסטעמען . . .

מיט וואָסער אַ לייכטזיניגקייט די אַרבייט איז געמאַכט געוואָרען, גענוגט צו דערמאָהנען אַ קלייניגקייט: ה' רייזען זאָגט אויס אַלע פּסעוודאָנימען פון אַלע שרייבער, וואָס לעבען און שרייבען . . . קענענדיג גוט די פּאָליטישע בעדינגונגען אין לאַנד, דאַרף אַ פעראַנטוואָרטליכער מענש זיין פאָרזיכטיג און פערשווייגען דאָס, וואָס עס קאָן דעם איינעם אָדער אַנדערען אונגליגאַלען שרייבער שאָדען. דער ווירטואָז איז אָבער ניט מחויב זיך צו רעכענען מיט אַזעלכע קליינגקייטען. האָבען מיר טאַקע שוין אַזאַ פאַל, אַז דער לעקסיקאָן דיענט ווי בעשולדיגונגס־מאַטעריאַל מצד דער אָחראַנע געגען אַן אַנגעזעהענעם פיהרער פון אַן אונלעגאַלער אָרגאַניזאַציע.

דער אמת מוז אָבער אנערקענט ווערען. דערום וויל איך דאָ מודה זיין, אַז אויב דער „לעקסיקאָן" גיט אונז ניט קיין בעגריף וועגען דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע בכלל, דערפאַר גיט ער אונז אַ גענויען בעגריף וועגען אונזער „ווירטואָזען־ליטעראַטור", וועלכע פערנעהמט ביי אונז, לײדער, אַזאַ גרויסען פּלאַץ . . .

על פּי יושר וואָלט אָט דער גאַנצער „על חטא" געדאַרפט פאָרגעלייענט ווערען ניט דעם ה' רייזען, נור דעם רעדאַקטאָר, ה' ניגער. איז אָבער ביי אונז די לעצטע יאָהרען געוואָרען אַ מאָדע, אַז מענשען לאָזען אָנרופען זייערע נעמען אויף ווערק, צו וועלכע זיי האָבען קיין שום שיכות ניט. מעגליך, אַז ה' ניגער איז אַן אויסנאַהם. קאָן איך אָבער ניט נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט, און ניגער'ן פעראַנטוואָרטליך מאַכען פאַר אַ זאַך, צו וועלכער ער האָט אפשר אַ פינגער ניט צוגעלעגט.

דערמאָהן איך נאָך די רשימה פון אַנאָנימע אידישע ווערק, וואָס זיינען צוגעגעבען צום לעקסיקאָן, און מיין איבערזיכט איז געענדיגט.

די צוקונפט

Vol. XIX MAY, 1914 No. 5

א. ליעסין

דער ערשטער מאי און דיא צוויי מלחמות

דער ערשטער מאי איז פון אנפאנג אן בעשטימט געווארען אלס דער יום טוב פון פעלקער־פערברידערונג. צוזאמען מיט דער פאדערונג פון אן 8־שטונדען ארבייטס־טאג, דארפען די ארבייטער פון דער וועלט אויסדריקען אין דיעזען טאג זייער פראטעסט געגען דעם מיליטאריזמוס. די גרויסע ארבייטער־לעגיאנען דארפען אין דיעזען טאג ארויסטרעטען אין געשלאסענע רייהען געגען דעם געפאנצערטען וועלט־וואהנזינן, וואס האלט די פעלקער אימער אויפגערייצט איינע געגען די אנדערע, אימער בעזארגט מיט די שרעקליכסטע כלי משחית, אימער גרייט צו ווארפען זיך איינע אויף די אנדערע און צו פערניכטען איינע די אנדערע.

די פאדערונג פון אן אכט־שטונדען ארבייטס־טאג האט בעשאפען דעם אינטערנאציאנאל. די מעהר אויפגעקלעהרטע ארבייטער האבען זיך איבערציינט, אז דער אכט־שטונדען ארבייטס־טאג קען ניט איינגעפיהרט ווערען בלויז אין איין לאנד, אז ער מוז איינגעפיהרט ווערען צוגלייך און איינצייטיג אין פערשיעדענע לענדער. עס איז דארום נויטיג געוועזן, אז די ארבייטער־פערטרעטער פון פערשיעדענע לענדער זאלען זיך צונויפקומען און אויסארבייטען א געמיינזאמע פראגראם און אנפיהרען א געמיינזאמע אגיטאציאן. „פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!“ — דאס איז געווארען דער רוף פון די וויכטיגסטע לעבענס־אינטערעסען פון דעם ארבייטער קלאס. און דער קאמפף געגען מיליטאריזמוס האט דעם רוף נאך מעכטיגער געמאכט און דעם אינטערנאציאנאל נאך מעהר בעפעסטיגט. אויך דער מיליטאריזמוס, וואס לעגט זיך אם שווערסטען אויף דעם ארבייטער קלאס, קען ניט אפגעשאפט ווערען בלויז אין איין לאנד; ער מוז צוגלייך און איינצייטיג אפגעשאפט ווערען אין פערשיעדענע לענדער. דער פראטעסט געגען דעם מיליטאריזמוס האט געמוזט ווערען דער פראטעסט פון די ארבייטער־מאסען פון אלע פעלקער אין אלע לענדער.

און דער ערשטער מאי איז געווארען דער טאג, ווען דיעזער פראטעסט הילכט אפ אין אלע וועלט־טהיילען — פון די ווייטע וויסטעניסען פון סיביר און ביז די בערג פון שפאניען און ביז די גרויסע שטעדט פון אמעריקא. און וואס גרעסער און וואס שטארקער עס ווערט די אלוועלטליכע סאציאליסטישע בעוועגונג, אלץ שעהנער, אלץ ערהאבענער קומט דא ארויס די ראלע פון דעם ארבייטער קלאס.

דאס האבען מיר געזעהן די לעצטע צייט. די באלקאנישע לענדער האבען זיך געטרונקען אין בלוט. דער פאליטישער הימעל פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט איז געווארען אלץ פינסטערער. פאר דער צושראקענער מענשהייט האט זיך געטראגען דאס געשפענסט פון א וועלט־מלחמה, דאס געשפענסט פון דער שוידערליכסטער מענשען־שלאכטעריי, וואס דער מלחמה־גאט האט ווען־עס־איז געזעהן. און בעת די הערשער האבען געקלונגען מיט די שפארען און געפאכט מיט די שווערדען און געטרייסעלט איינע געגען די אנדערע מיט'ן גענעגעלטען פויסט, האבען גראדע די פעלקער געשיקט איינע צו די אנדערע הייסע ברידערליכע גרוסען; זיי האבען איינע די אנדערע פערזיכערט, אז זיי ווילען אום יעדען פרייז צו א וועלט־מלחמה ניט דערלאזען. בעת די הערשענדע קלאסען זיינען גרייט געוועזן ארויסצושיקען 15 מיליאן יונגע מענשען צו שטעכען, שיסען און אויפצורייסען איינע די אנדערע, זיינען גראדע אפגעהאלטען געווארען ענטהוזיאסטישע אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען, וואו ארבייטער־פערטרעטער פון 20 אייראפעאישע לענדער האבען געסטראשעט צו ענטפערן אויף דער וועלט־מלחמה מיט א וועלט־רעוואלוציאן.

דאס איז געוועזן איינער פון די הערליכסטע מאמענטען אין דער מענשליכער געשיכטע. די סאציאליסטען פון אייראפא האבען געטהאן זייער פפליכט. און איצט קומט דער „נעכסט“ צו אונז, די סאציאליסטען פון אמעריקא.

די אויגען פון דער גאנצער ארבייטער־וועלט זיינען איצט געווענדט צו אונז, ווי מיר, די סאציאליסטען פון אמעריקא, וועלען זיך אפרופען אין טאג פון ערשטען מאי אויף די צוויי אונגליקליכע מלחמות, וואס געהען איצט אן אויף אונזער קאנטינענט — אויף דער

מלחמה אין קאָלאָראַדאָ און אויף דער מלחמה אין מעקסיקאָ. און זאָלען אונזערע מאַסען אויף די גאַסען אויסדריקען זייער פּראָטעסט, ווי עס פּאַסט פאַר פרייע אַרבייטער פון אַ פרייער גרויסער רעפּובליק — ענטשלאָסען, אונערשראָקען, אָבער מיט טאַקט און מיט ווירדע, מיט'ן פולען בעוואוסטזיין פון אונזער רעכט און אונזער מאַכט, מיט דער ליכטיגער בעגייסטערונג פון אונזער גרויסען און הייליגען אידעאַל.

* * *

דערפאַר ווייל מען האָט אין מעקסיקאָ ארעסטירט אויף אַ קליין ווײַלע עטליכע אַמעריקאַנער מאַטראָזען, האָט פּרעזידענט ווילסאָן אויפגענומען די נקמה־מלחמה געגען מעקסיקאָ. עס הייסט, דער מעקסיקאַנער אָפיציער, וואָס האָט דעם ארעסט געמאַכט, האָט בעליידיגט דעם אַמעריקאַנער מונדיר, האָט פערשוועכט דעם אַמעריקאַנער פלעג. וואָס וועט מען אָבער טהאָן שוין ניט מיט די ווילדע מעקסיקאַנער, נור מיט די ציוויליזירטע אַמעריקאַנער אָפיציערען, וואָס האָבען געשאָסען מיט האַרמאַטען אויף די פרויען און קינדער פון די סטרייקענדע מיינערס אין קאָלאָראַדאָ? וואָס וועט מען טהאָן מיט די אונמענשען אין אַמעריקאַנער מונדיר, וואָס האָבען פערטריבען מיט זייער האַרמאַטען־שיסעריי מוטערס און עופּה'לאך אין קעלערס און נאַכהער אָנגעצונדען איבער די קעלערס די הייזקעס?

דיינקט דער פּרעזידענט, אַז דערמיט האָט מען ווייניגער בעליידיגט דעם אַמעריקאַנער מונדיר, דעם אַמעריקאַנער פלעג?

אין קאָלאָראַדאָ, אין דער מלוכה פון די ראָקעפעלערס, ווערען שוין לאַנג אָפּגעטהאָן מעשים, וואָס זיינען אַזוי שוואַרץ, ווי די מעשים, וואָס ווערען אָפּגעטהאָן אין דער מלוכה פון דעם שוואַרצען ניקאָלאַי. קאָלאָראַדאָ איז אָבער אַ סטייט אין אונזער רעפּובליק. אויף ראָקעפעלער'ס אַגענטען, וואָס טהוען אָפּ די שוואַרצע מעשים, גלענצט און בלישצעט דער אַמעריקאַנער מונדיר; איבער די געביידען, וואו די שוואַרצע מעשים ווערען געפּלאַנעוועט, וועהט דער פלעג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. און דאָך, האָט ערשט געמוזט פּאַסירען אַזאַ שוידערליכקייט, אַז מען זאָל אָפּבראָטען לעבעדיגערהייט אַ געוויסע צאָהל פרויען און קינדער, אום דאָס גאַנצע לאַנד זאָל עטוואָס אויפגערעגט ווערען, אום דער אַמעריקאַנער געוויסען זאָל ענדליך אויפגעריהרט ווערען.

די זעלבע מלחמה, אמת אַ שטילערע, אַ פערשטעלטע, אָבער אַן ענטשיעדענע, אַן אונאויפהערליכע, געהט אָן איבעראַל איבער'ן גרויסען און ברייטען לאַנד. זי ווערט אָנגעפיהרט געגען יעדען איינציגען, וואָס האָט נור אין קעשענע אַ יוניאָן־קאַרט; זי ווערט אָנגעפיהרט אין ניו־יאָרק, אַזוי ווי אין קאָלאָראַדאָ, געגען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, אַזוי ווי געגען דער מיינער יוניאָן. און די טבע פון די לייטע, וואָס פיהרען אָן די מלחמה, איז די זעלבע. פערשטעהט זיך, מענשען, וואָס קענען ביי זיך פועל'ן אָפּצובראָטען לעבעדיגערהייט פרויען און קינדער פון סטרייקערס, קענען ביי זיך פועל'ן אַלעס. און אויב אין אונזערע שטעדט בושעווען ניט אַזעלכע וואָכען־לאַנגע האַרמאַטען־מלחמות, איז עס נור דערפאַר ווייל די אַרבייטער האָבען דאָ ניט די פעלזען פון די ראָקי מאָונטיינס צו בעשיצען זיך; מען וואָלט זיי דאָ גלייך ביי דעם ערשטען ווידערשטאַנד מיט וואַפען אין די הענד פיקס און פערטיג אויסגעלייגט מיט הייסע בליי, אַזוי ווי די שניטער לייגען אויס די זאַנגען.

די מלחמה איז איבער'ן גאַנצען לאַנד דיזעלבע, די אכזריות און מערדערייען דיזעלבע. זיי זיינען ניט אַזוי סענזאַציאָנעל פּיעלייכט, אָבער ניט ווענינער שוידערליך. די שולד פון די מערדער וואַרפט זיך ניט אַזוי אין די אויגען, זי רייסט ניט אויף אַזוי די בליקען — זי איז אָבער די זעלבע. צום ביישפּיעל, יעדע מינען־עקספּלאָזיאָן, וואָס מען קען אונבעדינגט פערמיידען, איז ניט ווייניגער שוידערליך. אַ טריענגעל פייער איז ניט ווייניגער שוידערליך. און ניט ווייניגער שוידערליך זיינען די צעהנדליגע טויזענדער אַנדערע מיתות משונות פון די אַרבייטער אין די מינען און אויף די אייזענבאַהנען, אין די פעקטאָרים און אין די שעפּער, וועלכע מען וואָלט געקענט פערמיידען, אויב נור די אַרבייטס־געבער וואָלטען געשטעלט דאָס מענשליכע לעבען העכער פון דעם דאָלאַר.

און אין גרויזאַמען שיין פון אַזעלכע מלחמות אין קאָלאָראַדאָ קענען מיר ערשט בעגרייפען די פולע שוידערליכקייט פון דער אַנדער מלחמה— פון דער מלחמה אין מעקסיקאָ.

די מהומות אין מעקסיקאָ, וואָס ציהען זיך שוין גאַנצע 3 יאָהר — דאָס איז אויך אייגענטליך אַ סטרייק, אַ ריעזיגער סטרייק פון אַ גאַנצען פאָלק, פון דעם אומגליקליכסטען פאָלק אויף דער וועלט. דאָס איז אַ סטרייק פון דעם מעקסיקאַנישען פאָלק געגען דעם אויסלענדישען גרויס־קאַפּיטאַל, הויפּטזעכליך געגען דעם אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס האָט, בשותפות מיט די דיאַצעס און די הוערטאַס, פערשקלאַפּט מעקסיקאָ און איינגעגעסען זיך אין איהר, אַזוי ווי אַ וואַמפּיר, און אומגעוואַנדעלט די געבענטשטע מדינה אין אַ ריכטיגען גיהנם פאַר איהרע קינדער.

מיר וועלען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף די אורזאַכען און דעם גאַנג פון דער גרויסער מעקסיקאַנישער רעוואָלוציאָן. דער שרייבער פון דיעזע צייל֗ען האָט געהאַט וועגען דעם אין

„צוקונפט“ אין אויספיהרליכען ארטיקעל*). אין אנדער אויספיהרליכען ארטיקעל אין „צוקונפט“ האָט געהאַט וועגען דעם**) דער מעקסיקאנישער סאָציאליסטישער שריפטשטעלער מאנועל סאראביא. מיר ווען דאָ נור בעמערקען בקיצור : אונטער דער דיאַז ממשלה, וואָס האָט זיך געצויגען ביי 34 יאָהר, האָט דער אמעריקאנער גרויס־קאַפּיטאל געפיהלט זיך אין מעקסיקא, אזוי ווי אַ באַצילע אין שטארקען בוליאָן. דיאַז איז געווען דער קונציגער קוכער, וואָס האָט די פּאטראווע צוגעריכט. און דער בוליאָן — דאָס איז געווען דאָס לעבענס־בלוט און די לעבענס־זאפט פון גאנצען מעקסיקאנישען פאָלק.

און דאָס מעקסיקאנישע פאָלק האָט ענדליך ניט אויסגעהאַלטען און רעבעלירט. די מיליאָנען פערשקלאפטע פויערים, ביי וועלכע מען האָט די ערד אווועקגערויבט, האָבען אַלעם געוואָרפען און אויפגענומען דעם קאַמפּף אויף לעבען און טויט פאַר ערד און פרייהייט. „ערד און פרייהייט !“ — דאָס איז געווען דער קאַמפּף־געשריי, וואָס האָט אָנגעצונדען מעקסיקא. און דיאַז, דער בלוטיגסטער צווישען אַלע בלוטיגע דיענער פון קאַפּיטאַל, האָט געמוזט מאַכען פליטה. אומזיסט האָבען די טראָסטס בּרייט געעפענט די קעשענעס און געשמירט רעכטס און לינקס. אומזיסט האָט זייער משרת, דער אמבאסאדאר פון די פעראייניגטע שטאַאטען, אליין אָרגאניזירט דעם מאָרד פון דעם געזעצליך־ערוועהלטען פּרעזידענט און געמאַכט הוערטא׳ן, דעם מערדער זעלבסט, פאַר׳ן פּרעזידענט. דעם גרויסען קאַמפּף האָט מען ניט געקענט אָפּשטעלען.

צוויי הונדערט טויזענד מענשליכע קרבנות האָט שוין דער קאַמפּף אָפּגעקאָסט. און די שקלאַפען־בעפרייער, די ווילאַ׳ס און די זאַפּאטאַ׳ס, די ספּארטאקען פון אונזער צייט, געהען אַלץ פעסטער און מוטהיגער פון זיעג צו זיעג. די אַמעריקאנער פּרעסע שטעלט זיי ארויס אַלס באַנדיטען, זי שילדערט זיי מיט די שוואַרצעסטע פאַרבען. ביז איצט האָט מען אָבער די באַנדיטען בשום אופן ניט געקענט אָפּקויפען. מעגליך, אלס געוועזענע פעאָנס, אַלס קינדער פון גערויבטע, ערביטערטע, פערצווייפעלטע פויערים, פעהלט זיי ווירקליך די ציוויליזירטע העפליכקייט פון דעם אַמעריקאַנער קרעמער. און אפשר איז ביי זיי טאַקע אויסגעקומען, אז צווישען צוויי הונדערט טויזענד מעקסיקאנישע קרבנות מאַכט ניט אויס, ווען עס זאָלען פאלען איינינע קעפּ אויך פון די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער ערד־כאַפּער, שקלאַפען־בעצווינגער און עקספּלואטאטאָ־

רען. נון, האָט מען אויפגעהויבען אַ געשריי, אַז די פעראייניגטע שטאַאטען מוזען ענדליך מעקסיקא דערשטיקען. און העכער פון אַלעמען און עקעלהאַפטער פון אלעמען האָט געגוואַלטעוועט מיט אַלע זיינע צייטונגען דער געלער הוירסט.

הוירסט האָט אַמאָל געקראָגען פון דיאַז לא יהרג געלט אַ גאַנצען מיליאָן אייקערס לאנד אין מעקסיקא. און ווען מעקסיקא זאָל ווערען אַ טהייל פון די פעראייניגטע שטאַאטען, וואָלט די ריעל עסטייט געשטיגען זעהר הויך.

און דער פּרעזידענט, וואָס האָט פון אָנפאַנג אָפען ארויסגעוויזען זיין סימפּאַטיע צו די בונטאָוושציקעס, האָט זיך ענדליך דערשראָקען און נאָכגעגעבען. ער האָט זיך צוגעטשעפּעט עפּעס צו אן אויסרייד וועגען אַ פערשוועכטען פלעג, און פינפציג ריעזיגע אַמעריקאנער קריעגס־שיפען זיינען צוגעקומען צו דעם אונבעשיצטען פּאָרט פון ווערא קרוץ, וואו מעקסיקא האָט ניט געהאַט אפילו קיין צופוילטען מולטער, און זיי האָבען אוועקגעלייגט טויט עטליכע הונדערט מעקסיקאנער און דעם פּאָרט אַוועקגענומען.

און אזוי האָט אָנקעל סעם, מיט זיין ארמיי און זיין פלאָטע, ענדליך דאָך זיך אריינגעוואָרפען אין אַ קאַמפּף געגען דער אונגליקליכער מעקסיקאָ. און די לעבעדיג אָפּגעבראָטענע פרויען און קינדער פון קאָלאראדא גיבען אונז שוין אַ פאָר־בילד פון די שרעקען, וואָס מיר קענען דאָ אין אָן אונגעהייער גרעסערען מאַסשטאַב ערווארטען. וואָס מוטהיגער, וואָס פערצווייפעלטער די מעקסיקאנער וועלען פערטהיידיגען שפּאַן נאָך שפּאַן די בערג און די טהאָלען פון זייער היימאטה, אַלץ שוידערליכער און שוידערליכער קומט ארויס פאַר אונז דיעזער קאָלאָראדערביישפיעל.

* * *

דאָס זיינען די שרעקען פון דער הערשאַפט פון גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס שטעהען איצט אויף פאַר אונז אַזוי פינסטער אין דעם יום־טוב פון 1טען מאַי. און אָט די אויפטהוער פון אַזעלכע שרעקען וואַרפען עס אונז אָפּט די בעשולדיגונג, אַז מיר, סאָציאַליסטען, זיינען עס די מענשענפיינד אין דער היינטיגער וועלט, אַז מיר זייהען שטענדיג די קלאַסען־קנאה און רייצען די ערגסטע אינסטינקטען פון די מאַסען.

די סאָציאַליסטען זיינען אין דער היינטיגער וועלט די אויפריכטיגסטע פאָרקעמפּפער פון פריעדען און פערברידערונג צווישען די פעלקער. און אויך דעם קלאַסען־קאַמפּף פיהרט מען אָן ניט אין נאָמען פון אירגענד־וועלכער קלאַסען־הערשאַפט ; מען פיהרט איהם אָן, דעם קלאַסען־קאַמפּף, כדי אָפּצושאַפען אין גאנצען די קלאַסען־הערשאַפט, כדי אָפּצושאַפען אין

*) „די אונגליקליכע מעקסיקא“, מערץ 1913.

**) „די לאַגע אין מעקסיקא“, דעצ. 1913.

גאנצען די צוטהיילונג פון דער מענשהייט אויף פיינדליכע קלאסען.

די פעראייניגטע ארבייטערשאפט, צו וועלכער מיר שטרעבען, וועט ענדליך פיהרען צו א פעראייניגטער מענשהייט. די גאנצע מענשהייט וועט ווערען א פעראייניגטע און פערברידערטע ארבייטערשאפט. דאס איז די ערהאבענע סאציאליסטישע שטרעבונג. און וואס טיעפער דער סאציאליזמוס דרינגט אריין אין פראקטישען לעבען, אלץ גרעסערע צאהלען מענשען ווערען שוין איצט אויף פעראייניגט און פערברידערט.

פריהער איז דער גרעסטער טהייל פון דער מענשהייט געווען דורכאויס צוריסען און צופיצעלט אין גיפטיגע קריגערייען. די קירכען און די ראסען און די מלוכות פלעגען קעמפפען צווישען זיך, און יעדער קעמפפענדער צד פלעגט האבען מיט זיך א גרויסען טהייל פון די פאלקס־מאסען, פון די ארבייטער מאסען. מיט דער ענטוויקלונג פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג איז אבער די לאגע געווארען אנדערש. די ארבייטער־מאסען פון די פערשיעדענע קירכען און פערשיעדענע ראסען און פערשיעדענע מלוכות פעראייניגען זיך אלץ מעהר צווישען זיך אין די סאציאליסטישע רייהען. דער גרעסטער טהייל פון דער מענשהייט ווערט אלץ מעהר פעראייניגט אין דעם סאציאליסטישען אידעאל פון ברידערליכקייט. און די סוממע פון מענשען־פיינדשאפט אויף דער וועלט ווערט אלץ קלענער.

די סאציאליסטישע בעוועגונג איז איצט א וועלט־מאכט — די גרעסטע קעמפפענדע מאכט פון אונזער צייט. איהר קאמפף איז אבער אנגעווענדט ניט געגען דעם איינצעלנעם מענשען, נור געגען דעם סיסטעם. דאס איז א קאמפף פאר א בעסערער געזעלשאפטליכער ארדנונג, פאר א נייעם סדר פון דער וועלט, וואו קיינע מלחמות צווישען מענשען וועלען שוין מעהר ניט דארפען פארקומען.

מאררים ראזענפעלד

געזאנג צום פריהלינגס-שטורם

ברוך הבא, פריהלינגס־שטורם, דיין ווילדער גוואלד
דערצעהלט מיר, אז דער ליעבער מאי וועט קומען באלד.
דיין רוישען שרעקט מיך ניט, דיין וואיעווען, דיין קעלט,
דו טרייבסט די פערניכטענדע כחות פון דער וועלט,
דו טומעלסט, דו יאגסט די בייזע קרעפטען אהין,
מאכסט גרייט דעם באדען פאר דעם שמעקענדיגען גרין.
דיין יעדער טראפפען רעגען וועקט די שטומע ערד,
און פון דיין פרישען, שטארקען אטהעם ווערט גענעהרט
די בענייאונג און בעלעבונג אויף בארג און טהאל,
איך פערנעהם דעם תחית המתים־קול,
נאטור׳ס שופר של משיח, איך הער דו וועקסט
און זאגסט דעם ענגהערציגען ווינטער אן: „דו עקסט!"
אויף יעדער לאנקע דערזעה איך, אויף יעדער בוים
זיך הויבענדיג דעם פריהלינג׳ס גרינעם טרוים...

דיין אנקומען קען נור זיין א שטעהר
פאר דאס, וואס האט קיין ווארצלען ניט מעהר...
וואס קען דיין לעבענס־קראפט ניט בעשטעהן
און איז געצוואונגען אונטערצוגעהן...
דאך אלץ, וואס האט אין דער ערד א האלט,
בעפרייסט דו פון ווינטער׳ס רויהען גוואלט.
איך בעגריס אין דיר פון געבורט דעם וועה,
שרייסט צום קומענדיגען לעבען „געה"
און עס קומט די שעהנסטע צייט פון יאהר,
דער וואלד ווערט פריש און דער הימעל קלאר.

דער פויגעל דערפרעהט זיך,
דער גראָז, ער פערשטעהט זיך
אויף דיין רוף
און שטעהט אויף.
דער פליהט,
דער בליהט,
דער זינגט,
דער ברייננגט
דופט.
די לופט
ווערט בעלעבט,
עס וואַקסט, עס וועבט,
עס שפּראָצט,
עס גלאָצט
אונטען און אויבען
האָפנונגען און גלויבען,
א נייער הימעל
ערוואַכט פון דרימעל,
א נייע פעלד,
א נייע וועלט.

די קראָה, וואָס האָט איבער דעם שנעע
געקאַיכט דעם ווינטער׳ס וועה,
און געהעכצט,
און געקרעכצט
מיט קלאָגען
און צוטראָגען
די בייזע בשורה
פון ווינטער׳ס גבורה —
די קראָה, דער פּראָפעט
פון שקר, זעהט
ווי די קוקאַווקע גרייט זיך,
ווי דאָס לעבען שפּרייט זיך,
ווי דער טייך צולאָזט זיך,
דאָס פעלד בעגראָזט זיך,
דער בוים בעבלעטערט זיך,
דער הימעל פערגעטערט זיך,
דער וואַלד בעצווייגט זיך,
דער פריהלינג צייגט זיך —
און מיט א קאַלטען קול
איבער באַרג און טאָהל
איהר ודוי זיך טראָגט,
אז זי האָט ליעגען געזאָגט
און אונזין פערטרויט,
דען לעבען איז שטאַרקער ווי טויט.

ברוך הבא, פריהלינגס־שטורם!
איך וויים, דו מאַכסט גרייט דעם פורעם,
אין וועלכען עס דאַרף זיך גיסען
די פרייד פון „זיין" און געניסען.

הלל ראגאף

ווילסאָנ׳ס אויסלענדישע פּאָליטיק

ווילסאָנ׳ס אויסלענדישע פּאָליטיק אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין אדמיניסטריישאָן האָט אין אלגעמיין צופריעדענגעשטעלט דיא ראדיקאלערע עלעמענטען פון לאנד. ניט אלע מאָל האָט מען געקענט איינשטימען מיט דיא מעטהאָדען וואָס ער האָט בענוצט. זעהר אָפט האָט מען אויסגעזעצט געגען דיא ארגומענטען, מיט וועלכע ער האָט זיין פּאָליסי פערטהיידיגט. אָבער דיא פּראקטישע רעזולטאטען, דער אלגעמיינער פּלאַן פון זיין פּאָליטיק איז געווען אין איינקלאנג מיט דעם פּראָגרעסיווען גייסט אין לאנד.

עס איז גרינג אויסצוטייטשען א מענשענ׳ס בעסטע טהאַטען צום שלעכטען. איבערהויפּט איז דאָס גרינג אין גרויסע ענינים, וועלכע ציהען אריין פערשיעדענע און פערפּלאָנטערטע פראגען און אינטערעסען. ווען מיר וואָלטען שטארק געוואָלט, וואָלטען מיר געקענט בעווייזען, אז אלעס, וואָס ווילסאָן האָט געטהאָן אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק, איז געווען אין דיענסט פון געוויסע געלד־קליקעס, פון געוויסע ביזנעס אינטערעסען. אָבער פארוואָס זאָלען מיר איהם דאָס חושד זיין? זיין פּאָליסי איז געווען א גוטע, א פּראָגרעססיווע. לאָמיר דאָס אנערקענען און איהם געבען דעם פערדיענטען קרעדיט.

ער האָט גענומען דיא ריכטיגע שטעלונג אין דעם סכסוך צווישען קאליפאָרניא סטייט און דיא דאָרטיגע יאפּאנעזער איינוואָהנער; מאנכע האָבען דאָן גע׳טענה׳עט, אז ער שפּיעלט פּאָליטיקס, אז ער שטעלט זיך איין פאר דיא יאפּאנעזער אום צו דיסקרעדיטירען דעם רוזוועלט גאָווערנאָר און די רוזוועלט אדמיניסטריישאָן פון יענער סטייט. אנדערע האָבען געזאָגט, אז ער בויגט זיך פאר דער יאפּאנעזער רעגיערונג, אום צו געווינען פון איהר הנחות פאר דיא רייכע אמעריקאנער, וואָס האָבען ביזנעס־אינטערעסען אין דעם וויטען מזרח. דאס

אַלעס איז מעגליך. אָבער געוויס איז זיין שטעלונג דאן געוועזן אַ גערעכטע, און ער האָט דיא שטעלונג גענומען טראָץ דיא מעכטיגע פּראָטעסטען איבער'ן גאנצען לאנד.

זיין שטעלונג צו מעקסיקאָ אין פערלויף פון ערשטען יאָהר איז געוועזן אַ גערעכטע. ער האָט זיך ענטזאגט צו אנערקענען דעם בלוטדורשטיגען טיראן הוערטאָ, און האָט זיך אויך ענטזאגט אַריינצומישען זיך אין דעם בירגערקריעג, וועלכער איז האָרטען די גאנצע צייט אָנגעגאנגען. זיין שטאַנדפּונקט איז געוועזן דיעזער: מעקסיקאָ איז אַ שטאַאַט פאר זיך. זיא האָט דאָס פולע רעכט צו זיין פאר זיך בעל־הבית. מיר, זייטיגע, קענען בלויז צוריקהאַלטען אונזער שטיצע, אי מאָראַלע, אי פיזישע, פון דיא עלעמענטען אין דעם לאַנד, וועלכע מיר האַלטען פאר די שלעכטע און געפעהרליכע. ארויפצווינגען אונזער מאכט, אונזער דעה אויף מעקסיקאָ האָבען מיר אָבער קיין רעכט ניט.

און דיעזע פּאָליסי דורכצופיהרען האָט זיך געפאָדערט אונגעהויער פיעל מוטה. דיא קאַפּיטאַליסטען פון אמעריקא און פון ענגלאנד האָבען אריינגעלעגט אין מעקסיקאָ אוצרות מיט געלד. אויב ווילסאָן וואָלט געוואָלט צופריעדענשטעלען דיא אמעריקאנער קאַפּיטאַליסטען, וואָלט ער געהאַנדעלט אזוי וויא דיא ענגלישע רעגיערונג, וועלכע האָט איהרע קאַפּיטאַליסטען צופריעדענגעשטעלט: ענגלאנד האָט הוערטאָ'ן אנערקענט אַלס פּרעזידענט. מען קען, נאַטירליך, אויספּשט'לען, אז ווילסאָן האָט בכיון ניט אַנערקענט הוערטאָ'ן, כדי צו שאַפען אַזאַ צושטאַנד, וועלכער זאָל צווינגען אַמעריקא זיך אריינצומישען אין מעקסיקאָ און דאָרטען אליין ווערען אַ גאנצע בעל הבית'טע און דערמיט נאָך פערשטאַרקען דיא מאַכט פון דיא אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען אין יענעם לאַנד. אָבער דיא פּאסירונגען פון גאנצען יאָהר גיבען אונז ניט דעם מינדעסטען גרונד פאר אזא חשד. פארקעהרט, מיר האָבען געזעהן, אז ווילסאָן האָט מיט אַלע כחות געקעמפּפט געגען „אריינמישונג" גראַדע אזוי גוט וויא געגען דיא אנערקענונג פון הוערטאָ'ן.

זיין האַנדלונג אין דער פראגע וועגען דורכלאָזען דיא אמעריקאנער שיפען פריי דורך דעם פּאַנאַמאַ קאַנאַל, קען זעהר לייכט אויסגעטייטשט ווערען צום שלעכטען. הוירסט און זיינע צייטונגען האַלטען אין איין בעווייזען מיט מוֹיזענדע ראיות, אז ווילסאָן האָט אין דיעזער פּראגע געדיענט די אינטערעסען פון דעם רייל־ראָוד טראָסט. דאָס לעגט זיך אויפ'ן שכל אויך. ווען אמעריקאנער שיפען וועלען ניט דאַרפען צאָהלען קיין טעקס פאר דורכפאָהרען דעם קאַנאַל, דאן וועלען זיי קענען פיהרען סחורה פאר ביליגע פּרייזען און דיא אייזענבאַהנען וועלען צוליעב קאָנקורענץ אויך מוזען אראָפּלאָזען פון דיא פּרייזען. מען קען אָבער רעדען פארקעהרט אויך. ווען אמעריקאנער שיפען וואָלטען געוועזן פריי פון דעם טעקס, וואָס דיא שיפען פון אנדערע לענדער צאָהלען, וואָלט עס געגעבען דיא אַמעריקאנער שיף־קאָמפּאַניעס דיא מעגליכקייט אויפצובויען אַ טראָסט אויפ'ן פּאָלק'ס רעכענונג. דאָס איז דאָך אייגענטליך דיא אַלטע טאַריף־פּראגע. דיא ערפאהרונג האָט אונז געלערנט, דאָס ווען אַן אַמעריקאַנער אינדוסטרי ווערט געשטיצט פון דער אמעריקאנער רעגיערונג, פּראָפּיטירען דערפון דיא הייפעלע קאַפּיטאַליסטען, צו וועמען דיא אונדוסטרי בעלאנגט. דער גרויסער עולם האָט דערפון קיין נוצען ניט. פארקעהרט, ער פערליערט נאָך דערפון. און מען קען מיט זיכערהייט זאָגען, דאָס ווען דער אַלטער פּלאַן פון בעפרייען דיא אמעריקאנער שיפען פון טעקס וואָלט דורכגעפיהרט ווערען, וואָלטען מיר אין אייניגע יאָהר האָבען אַ ריעזיגען שיף־טראָסט, און דיעזער שיף־טראָסט וואָלט זיך פעראייניגט מיט'ן רייל־ראָוד־טראָסט און זיי וואָלטען ביידע צוזאַמען געשונדען דיא פעל פון פּאָלק.

אָבער אויסער דעם האָט זיך דאָ ניט געהאַנדעלט וועגען ביזנעס־אינטערעסען. ווילסאָן איז אַמאָל אליין געוועזן פאר דעם פּלאַן פון „פרייע טאָללס". געענדערט זיין שטעלונג האָט ער דערפאר, וואָס ענגלאנד האָט אָנגעוויעזען, אז דיעזע שטעלונג איז געגען איהרען אָפּמאַך מיט אַמעריקא. אין אָפּמאַך שטעהט אויסדריקליך, דאָס ענגלישע שיפען מוזען קריגען דיא זעלבע פרייהייטען און רעכטע אין פּאַנאַמאַ קאנאַל וויא דיא שיפען פון „אנדערע לענדער". און אמעריקא איז אויך איינע פון דיא אנדערע לענדער.

מיר ווילען ניט זאָגען, אז ווילסאָן האָט דאָ געהאַנדעלט דורכאויס אויס אַ מאָראַלען מאָטיוו. וויא מיר וועלען זעהען שפּעטער, איז ער אויך געצוואונגען געוועזן אזא שטעלונג אָנצונעהמען, צוליעב אַ שטיקעל דיפּלאָמאַטישען פּלאָנטער. אָבער בעשולדיגען איהם אין שלעכטע מאָטיוועז, אין וועלען העלפען דעם רייל־ראָוד־טראָסט אָדער, ווי נאָך אַנדערע רעכענען, דעם שטאָהל־טראָסט, אָדער, ווי נאָך אַנדערע ווילען האָבען, אין פערקויפען זיך צו די אריסטאָקראַטען פון ענגלאַנד, דארויף האָבען מיר קיין גענוגענדען גרונד ניט. און דאָס וויכטיגסטע דערביי איז, דאָס דיא האַנדלונג גופא, דער פּלאַן זיינער איז אין איינקלאַנג מיט די מיינונגען פון די פּראָגרעססיווע עלעמענטען אין לאַנד.

ווילסאָן האָט זיך אויף ארויסגעוויזען פּראָגרעססיוו אין זיין האנדלונג אין די פיליפּינען. ער האָט די פיליפּינער געגעבען פיעל מעהר־זעלבסט־פערוואלטונג איידער די פריהעריגע אדמיניסטריישאָנס. מיר, סאָציאליסטען, דענקען, דאָס ער איז דאָרטען מיט זיינע רעפאָרמס נאָך ניט געגאנגען ווייט גענוג. מיר וואלטען וועלען זעהן, אז די פיליפּינער זאָלען געניסען נאָך מעהר פרייהייט און אונאבהענגיגקייט. אָבער ווילסאָן האָט דאָך גענומען דעם ריכטיגען שריט אין דיעזער ריכטונג. אויך דאָ קען מען געפינען אן אויסטייטשונג, און ווייזען א חסרון, אז „געוויסע אינטערעסען“ האָבען איהם בעוואויגען אין זיין פיליפּינען פּאָליסי. אָבער די האנדלונג איז פּאָרט געווען א גוטע.

דער ערשטער יאָהר איז אראָפּ גלאַט. ווילסאָן האָט זיין פּאָליסי געפיהרט מיט אן אייזערנע האנד און אויסגעהאַלטען פעסט טראָץ אַלע אטאַקעס און אלע קריטיקען.

אָבער לײדער איז איהם זיין פּאָליסי ניט געלונגען אָנצוהאַלטען אויף ווייטער. ווילסאָן איז איצטער אין דעם צווייטען יאָהר פון זיין אדמיניסטריישאָן ניט דערזעלבער, וואָס ער איז געווען אין דעם ערשטען יאָהר. ער האָט זיך געביטען אין זיין אינערליכע פּאָליטיק און ער בייט זיך אין זיין אויסלענדישע פּאָליטיק. ער האָט געענדערט זיין שטעלונג צו די טרייד־יוניאָנס, וועלכע איז דעם ערשטען יאָהר געווען א פּראָגרעססיווע. ער האָט זיך גענומען בויגען אין דער פראגע וועגען ערלויבען ריילראָוד קאָמפּאַניעס צו העכערען די רייטס אויף פּראכט.

און די אורזאכע דערפון איז, דאָס וואָס ווילסאָן איז דער פאָרשטעהער פון א קאַפּיטאליסטישע פּארטיי, דער פערטרעטער פון געוויסע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען. צופריעדענצושטעלען ביידען, אי גאָט אי דעם טייפעל, איז אונמעגליך. ווילסאָן האָט געהאט די ברירה, ענטוועדער צו פערשטויסען די פּארטיי, אָדער צו פארבויגען זיינע פּרינציפּען. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אויסגעקליעבען דאָס לעצטע, צו פארבויגען די פּרינציפּען.

דיא קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען פאָדערען, דאָס יעדע נאַציאָן זאָל קוקען אויף אלע אנדערע נאַציאָנען, אלס קאָנקורענטען אָדער אלס קאָסטימער. דיא בעציהונגען דארפען זיין ביזנעס בעציהונגען. דיפּלאָמאַטיע דארף בעשטעהן אין אויסדינגען און אויסהאנדלען דורך בעוואוסטע „ביזנעס־מעטהאָדען“ די בעסטע ביזנעס בעדינגונגען. און וואָס „ביזנעס־מעטהאָדען“ בעדייטען אין היינטיגער געזעלשאַפט, איז אלעמען בעוואוסט. און א פּאָליסי אריינצובערענגען פּרינציפּען אין די אונטערהאנדלונגען און אין די בעציהונגען מיט אויסלענדישע מלוכות וועט א קאַפּיטאַליסטישע פּארטיי בשום אופן ניט דולדען.

און קלאָר קען מען דאָס זעהן אין דער לעצטער דיפּלאָמאַטישער האנדלונג פון ווילסאָנ׳ען. מיר מיינען זיין אָפּמאַך מיט דער קאָלאָמביא רעפּובליק. אין דיעזען אָפּמאַך האָט ער פערלאָרען דיא שטיצע פון מאנכע פון זיינע בעסטע און איבערגעבענסטע פריינד. ער האָט פארלאָרען אין קאָנגרעסס, אין דער פּרעססע און אין דיא פּאָליטישע און ביזנעס קרייזען איבער׳ן גאנצען לאנד.

וואָס איז פאָרגעקומען מיט קאָלאָמביא ?

די איצטיגע פּאנאמא רעפּובליק, דורך וועלכע דער קאנאל איז אויסגעגראָבען, איז פריהער געווען ניט מעהר ווי א טייל פון דער קאָלאָמביא רעפּובליק. די קאָלאָמביער רעגיערונג האָט אויך געהאט אלס איהר אייגענטהום געוויסע אינוועסטמענטס אין דער אלטער פראנצויזישער קאָמפּאַניע, וואָס האָט אמאָל אָנגעפאנגען דעם קאנאל צו גראבען. ווען די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאטען האָט בעשלאָססען צו בויען דעם קאנאל, האָט זי נאטירליך די ערשטע זאך בעדארפט קריגען ערלויבנים פון דער קאָלאָמביא רעגיערונג, און די צווייטע זאך אבקויפען ביי איהר איהרע אינטערעסען אין דער אלטער פראנצויזישער קאָמפּאַניע. האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאנדלונגען. דאָס איז געווען מיט א יאָהר 12 צוריק. רוזוועלט איז געווען דאן פּרעזידענט. די אונטערהאנדלונגען זיינען אָנגעגאנגען שווער. קאָלאָמביא האָט געפאָדערט א געוויסען פרייז פאר איהר טעריטאָריע און אויך געוויסע בעדינגונגען וועגען קאנאל גופא. רוזוועלט האָט דיזען פרייז און די בעדינגונגען צוריקגעוויעזען.

פּלוצלונג אין א שעהנעם פריהמאָרגען ברעכט אויס א רעוואָלוציאָן אין דער פּאנאמא פּראָווינץ געגען דער קאָלאָמביא רעפּובליק, און גלייך ווי די רעוואָלוציאָן ברעכט אויס לאָזט רוזוועלט וויסען דער וועלט, אז ער אנערקענט די רעוואָלוציאָנערען אלס די אמת׳ע הערשער פון דער פּראָווינץ און שיקט אן אמעריקאנער קריעגס־שיף זי זאָל ניט דערלאָזען דער קאָלאָמביא רעפּובליק ארייננפיהרען סאָלדאטען אין דער נייער פּאנאמא רעפּובליק. אין פערלויף פון א פּאָר שטונדען איז דאָס אלעס געשעהען. ביי דער נייער פּאנאמער רעפּובליק האָט רוזוועלט גע׳פּועל׳ט אלעס. זי האָט געלאָזט בויען דעם קאנאל פאר דעם פרייז וואָס די רעגיערונג פון

די פעראייניגטע שטאאטען האָט אָנגעבאָטען, און דער פרייז איז געווען א לעכערליך־קליינער.

דיעזע סקאַנדאַליעזע רויבעריי איז פון די בעסערע עלעמענטען אין לאַנד פערדאמט געוואָרען. רוזוועלט’ס שונאים האָבען איהם דאָס אויפגעוואָרפען יאָהרען און יאָהרען נאָכאַנאַנד. אָן אפיציעלע אונטערזוכונג וואָס איז פיעל שפעטער געמאַכט געוואָרען האָט בעוויעזען, דאָס די גאַנצע „רעוואָלוציאָן“ איז געפּלאַנט און דורכגעפיהרט געוואָרען אין אמעריקא, דאָס רוזוועלט האָט די קריעגס־שיף געהאַט אָנגעגרייט אויף אָפּצורייזען נאָך פּאַנאַמא, נאָך איידער די „רעוואָלוציאָן“ האָט דאָרטען אויסגעבראָכען. קיין ערגערע פערגוואַלטיגונג פון געזעץ און אינטערנאַציאָנאַלע רעכט קען שוין ניט זיין.

דער פערברעכען איז אָבער קיינמאָל ניט פאַרריכט געוואָרען ביז איצטער, ווען ווילסאָן האָט געמאַכט זיין טריטי מיט דיעזער קאָלאָמביא רעפובליק. וואָס האָט ווילסאָן געטהאָן ?

ער האָט געהאַנדעלט וויא א בריטיזיניגער „דזשענטעלמאן“. אין דער טריטי האָט ער, ערשטענס, אויסגעדריקט זיין בעדויערען אויף דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי לענדער, און צווייטענס, שטימט אמעריקא איין צו בעצאָהלען קאָלאָמביא 25 מיליאָן פאַר בויען דעם קאַנאַל אין איהר געוועזענער פּראָווינץ.

אין דיעזער טריטי איז ניט געווען קיין שום פראגע פון אינטערעסען. דער געשריי אין די פּראָטעסטען געגען ווילסאָנען האָבען זיך אויפגעהויבען הויפּטזעכליך צוליעב דעם „בעדויערונגס פונקט“. „וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, — שרייען זיי אלע, —אַז אַ רעגיערונג זאָל זיך אַליין אַזוי פּאַטשען אין פּנים אַריין און ערקלעהרען פאַר דער וועלט, אז זי האָט געטהאָן אַן עולה?“

ווי געזאָגט, קומט דער געשריי אפילו פון מאַנכע שטאַרקע אנהענגער פון פרעזידענט. דאָס איז שוין צופיעל פאַר זיי זאָגאר. אין דעם פרעזידענט’ס האַנדלונג מיט מעקסיקאָ האָבען זיי געקענט זעהען אַן אורזאַכע : ער האָט געוואָלט אויסמיידען א קריעג; אין זיין האַנדלונג אין דער „פרייע טאָלל“ פראַגע האָבען זיי געקענט זעהן אַן אורזאַכע: ער האָט זיך ניט געוואָלט איינרייסען מיט ענגלאַנד; אָבער וואָס האָט ער דאָ מורא געהאַט פאַר’ן מילב קאָלאָמביא ? פאַרוואָס האָט ער זיך פאַר איהר געדאַרפט ענטשולדיגען און נאָך איהר אויסצאָהלען אַזאַ ריעזיגע סומע געלד ?

ווי עס ווייזט אויס, וועט דיעזע טריטי צוריקגעוויעזען ווערען אין סענאַט, און אויב דאָס וועט געשעהען וועט עס זיין דער ערשטער שטאַרקער קלאַפּ פאַר ווילסאָנ’ס אויסלענדישע פּאָליטיק. און קוים וועט דער ערשטער קלאַפּ געגעבען ווערען, דאַן קען עס געהן ווייטער און ווייטער.

* * *

ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָט ווילסאָן אַליין אָנגעהויבען שפּירען א שלאַפקייט, אַזוי ווי דער באָדען וואָלט זיך גענומען שאָקלען אונטער זיינע פיס, ווען ער איז ארויסגעטראָטען מיט זיין פאָדערונג, אז דער קאָנגרעסס זאָל ענדערען דעם געזעץ און ניט לאָזען אמעריקאנער שיפען דורכפאָהרען דעם קאַנאַל אָהן אַן אָבצאָהלונג. אין זיין מעסעדזש צום קאָנגרעס האָט ער כמעט קיין ארגומענטען ניט אָנגעגעבען. ער האָט כמעט ניט געפּרובירט בעווייזען, אַז דער יושר אָדער די עהרליכקייט פאָדערט, דאָס אמעריקא זאָל אין דעם נאָכגעבען ענגלאַנד’ס פאָדערונג. ער האָט גאָר געמאַכט אַ גאַנץ אַנדער סאָרט אַפּיעל. אָט וואָס ער האָט דאַן געזאָגט: „איך בעט אייך דאָס אלס שטיצע צו מיין אלגעמיינע פּאָליסי פון אויסלענדישע פּאָליטיקס. איך וועל ניט קענען ווייטער האַנדלען אין אַנדערע פראַגען, וועלכע האָבען א פיעל וויכטיגערע בעדייטונג, אויב איהר וועט מיר ניט פאָלגען אין דיעזער פראַגע“.

וואָס ער האָט מיט דיעזען זאַץ געמיינט, האָט ער ניט ערקלעהרט. אין דיא דעבאַטען וואָס זיינען אָבער פאָרגעקומען איבער דער „טאָלל־פראַגע“ אין קאָנגרעסס איז דיעזע בעמערקונג פון פרעזידענט פיעל מאָל דערמאַהנט געוואָרען. קענטיג, אַז זי האָט געמאַכט אַ טיעפע ווירקונג, קענטיג אז דער פרעזידענט האָט מיט איהר געשפּיעלט זיין לעצטע קאָרט, אז אָהן איהר וואָלט ער זיין שפּיעל ניט געוואונען.

און דאָ האָט ווילסאָן געמאַכט זיין ערשטען פעהלער. אויב ער האָט געוואָלט נאָכגעבען ענגלאַנד, ווייל ער האָט געדענקט, אז ענגלאַנד האָט רעכט געהאַט, האָט ער עס געדאַרפט זאָגען. פאַר איהם וואָלט בעסער געווען גלייך דורכצופאַלען דאַן, ווי צו געווינען דורך דיזען אונבעשטימטען סטראַשונאָק. ער האָט געדאַרפט וויסען, דאָס אויב זיין פּאַרטיי און זיין גאַנצע אדמיניסטריישאָן וויל ניט שטיצען א פּאָליסי פון אויסלענדישע פּאָליטיק וואָס ענטהאַלט אין זיך עטוואָס פרינציפּ, וועט ער אַם ענדע מוזען סיי ווי סיי אויפגעבען ענטוועדער זיין פּאַרטיי אָדער זיין פּאָליסי.

און ווי די לעצטע פּאַסירונגען ווייזען, געהט עס דערצו. עס האַלט שוין גאַנץ נאָהענט, אז ווילסאָן זאָל זיין פּאָליסי אויפגע־

בען. דער דרעהען זיך אהער און אהין, די מורא האָבען זיך צו שטעלען אָפען אויף אַ פּעס־טען באָדען, דער איבערשרעקען זיך פאַר דער אָפּאָזיציאָן אין זיין אייגענער פּאַרטיי — האָט שוין געבראכט צו דעם איצטיגען בלוטיגען שפּיעל מיט מעקסיקא.

ווען מיר שרייבען דיעזען אַרטיקעל, האָט נאָך ווילסאָן ניט צוגעגעבען, דאָס אמעריקא פיהרט אַ מלחמה מיט מעקסיקאָ, כאָטש פּאַק־טיש געהט דיא מלחמה אָן. אָבער אויב עפּעס אויסערגעוועהנליכעס וועט ניט פּאַסירען און ארויסשלעפּען איהם פון דער שרעקליכער לאַגע אין וועלכער ער האָט זיך געשטעלט, דאַן וועט זיין גאַנצע פּאָליטיק, זיין גוט־געמיינטע און גוט־געפיהרטע פּאָליטיק, שרעקליך אויכגעלאַכט ווע־רען פון אלעמען.

און אויסגעלאַכט ווערען מיט רעכט. וואַ־רום דאַן וועט שוין ווילסאָן זיך ניט קענען פער־טיידיגען מיט אַ הויכען פּרינציפּ. ער וועט ניט קענען זאָגען אַז זיין האַנדלונג איז געווען פון אַ העכערען מאָטיוו ווי איינפאַכע ביזנעס—און פון אַ ריין ביזנעס שטאַנדפּונקט, פון אַ ביזנעס־דיפּ־לאָמאַטישען שטאַנדפּונקט וועט ווילסאָן פאַר זיינע האַנדלונגען פערשפּאָטעט און פערלאַכט ווערען.

דאַן וועט דער רעכענונג געמאַכט ווערען אזוי ווי הוירסט'ס מענשען מאַכען איהם איצט — אַז ווילסאָן האָט געמאַכט אַ געהיימען קאָמפּראָמיס מיט ענגלאַנד.

ווילסאָן האָט פאַרשפּראָכען ענגלאַנד, אַז ער וועט צוריקציהען דעם געזעץ, וואָס גיט די אמעריקאַנער שיפען מעהר רעכט ווי די ענג־לישע אין פּאַנאַמאַ קאַנאַל, און דערפאַר זאָל ענגלאַנד איהם ניט צווינגען אריינצומישען זיך אין מעקסיקאָ. דאָס, זאָגען הוירסט'ס מענשען, האָט ווילסאָן געמיינט מיט זיין ערקלעהרונג צום קאָנגרעסס, דאָס אויב דער קאָנגרעסס וועט איהם פאָלגען אין דער פּאַנאַמאַ פראַגע, וועט ער ניט וויסען וויא צו האַנדלען אין פיעל וויכ־ט־געריע פראַגען.

מיר זיינען ניט געניגט אָנצונעהמען הוירסט'ס ניעדעריגע מיינונג וועגען ווילסאָנ'ס פּאָליטיקס.

אונזער מיינונג איז, דאָס ווילסאָן האָט זיין אויסלענדישע פּאָליטיק געפיהרט ווי אַ מענש מיט פּרינציפּ, וויא אַ פּראָגרעסיווער מענש. אזוי איז עס געווען דער פאַל אין ערש־טען יאָהר פון זיין אדמיניסטריישאָן.

אָזוי צי אַזוי, איצט גיט ער זיין בעסערע פּאָליסי אויף. ווילסאָן האָט זיך געפונען אין אַן אונמעגליכער לאַגע. פון איין זייט איז געשטאַ־נען זיין קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט איהם געטריעבען ער זאָל פיהרען זיין אויסלענדישע פּאָליטיק אין די אינטערעסען פון וואָלל־סטריט ביזנעס; אויפ'ן צווייטען זייט זיי־נען געשטאַנען זיינע פּרינציפּען, וועלכע האָבען פון איהם געפאָדערט ער זאָל ווייטער אָנגעהן מיט זיינע פּראָגרעססיווע פּאָליטיקס. זעהט עס אויס, אַז אין דיעזען קאַמפּף האָט וואָלל־סטריט און די וואָלל־סטריט פּאַרטיי געזיעגט.

ד. טשאַרני

די בענייאונג

קומט נור אָן דער ליעבער פריהלינג
אויף דעם זון־וואָגען צו רייטען —
הויבט די ערד זיך אָן צו פּוצען
און די קליידער איבערבייטען.

אויף די פעלדער שפּרייטען אויס זיך
טעפּיכער געוועבט פון גראָזען,
דאָ און דאָרטען שמייכלען לוסטיג
מאַרגאַריטקעלעך און ראָזען.

ציעהט דער פריהלינג אָן די בערגלאַך
מיט אַ סאַמעטעל אַ גרינעם
און בעקוועקזילבערט די טייכלעך,
ווי אַ שפּיגעלגלאָז אַ דינעם.

שפּריצט די ערד זיך מיט פּאַרפיומען,
וואָס צוטראָגען זיך אין לופטען,
און ס'הויבט אָן געשמאַק דער פריהלינג
איבער שטאָדט און וואַלד צו דופטען.

אָט אזוי טהוט אויך מיין ליעבסטע,
ווען איך קום צו איהר אין שטעדטעל —
פּוצט זיך אויס אין זייד און סאַמעט
און בעציכעלט וויס איהר בעטל.

און שפּרייט אויס אַ ווייכען טעפּיך —
עס זאָל ווייך מיר זיין צו טרעטען
און בעהענגט מיט מיינע בילדער
איהרע הרינליכע טאַפּעטען.

און איך פיהל — ביי איהר אין צימער
דופטעט ליעבע־גליק און פריידען,
און עס דוכט מיר — כ'וועל זיך קיינמאָל
מיט מיין ליעבסטער ניט צושיידען.

י. מ. בודיש

קינדער־אַרבייט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען

לעצטען מאָנאַט איז פאָרגעקומען אין ניו־אָרלעאַנס, לואיזיאַנאַ, די צעהנטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ צו בעקעמפפען קינדער־אַרבייט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. די ליבעראַל געזינטע אַמעריקאַנער אינטעליגענץ איז דאָרטען געוועזן פאָרגעשטעלט דורך איהרע בעסטע און שעהנסטע פערטרעטער, און א ראַדיקאַלער גייסט האָט געהערשט אויף דער קאָנפערענץ. „די גוטמוטיגע לייכטזיניגקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק — בעהויפּטעט די „איווונינג פּאָסט" — האָט זיך בעזונדערס שאַרף אויסגעדריקט אין דער אויבערפלעכליכקייט, מיט וועלכער דאָס פאָלק האָט ביז איצט בעקעמפפט קינדער־אַרבייט"*). איצט זאָל זיך די לאַגע האָבען געביטען. דאָס לאַנד זאָל האָבען „געוואָרנען א טיעפערע פערשטענדניס פון דער פּראָבלעמע און א פעסטערע איבערצייגונג, אז די פּראָבלעמע מוז געלייזט ווערען"*). אָבער אויב דאָס פאָלק איז ווירקליך ענטשלאָסען צו מאַכען א סוף צו דער קללה פון קינדער־אַרבייט אין אונזער לאַנד, וועט זיך עס קוים קענען בעגונגען מיט די ליבעראַלע רפואות. די קינדער־אַרבייט איז צו ענג צונויפגעוואַקסען מיט די סאַמע וואָרצלען פון דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וואָס האָט איהר בעסטע בעגרינדונג אין דער ליבעראַלער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פילאָזאָפיע. יעדע עהרליכע און מוטיגע שטרעבונג צו בעקעמפפען קינדער־אַרבייט וועט נויטוועדיג זיך מוזען ווענדען געגען די עיקרים פון דיזער פילאָזאָפיע. די קינדער־אַרבייט ווערט געבוירען און וואַקסט אויס אויף דעם באָדען פון דער מאָדערנער פעקטאָרי־סיסטעם.

די ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון קינדער אַרבייט אין די פערא. שטאַאַטען

שוין אין דעם קאָלאָניאַל־פעריאָד פון אונזער געשיכטע בעגעגנען מיר קינדער־אַרבייט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. נאָך דער שטרענגער און ערנסטער פּוריטאַנישער וועלטאנשויאונג פון דיזער צייט איז געוועזן א מצוה צו אַרבייטען און א זינד ארומצוגעהן לעדיג. און דאָס, וואָס איז א מצוה און א זינד פאַר מענער, איז אויך א מצוה און א זינד פאַר פרויען און קינדער. גאָט'ס געבאָט איז פאַר אַלעמען גילטיג. די שווירינגקייטען און נויטען פון די קאָלאָניאַל־צייטען האָבען ענטוויקעלט און בעפעסטיגט דיזען פּוריטאַנישען גייסט. ווען דער אימיגראַציאָנס־שטראָם הויבט זיך אָן פערקלענערען (1636-1641), בעגעגנען מיר די ערשטע ערנסטע פּראָבען פון די קאָלאָניעס אויסצונוצען די ניט־בעשעפטיגטע פרויען און קינדער. א באָסטאָנער געזעץ פון 1656 בעשטימט, אז „אַלע הענד, וועלכע זיינען ניט פערנומען נויטוועדיג אין אַנדערע בעשעפטיגונגען, ווי פרויען, מיידלאך און אינגלאך, מוזען זיך פערנעהמען מיט שפּינעריי". דאָס געזעץ פאָדערט, אז יעדעס שטעדטעל „זאָל גענוי אויספאָרשען די בעדינגונגען און גרויסקייט פון יעטווידער פאַמיליע און אין הסבם דערמיט פּאָדערען פון איהר [asses] איינעם אָדער מעהר שפּינערס".

אָבער די קינדער־אַרבייט פון דיזען פעריאָד אונטערשיידעט זיך גרינדליך און פּרינציפּיעל פון אונזערער. דאָס קינד איז דאַן ניט געוועזן קיין זעלבסטשטענדיגער אַרבייטער. עס פלעגט ניט דאַרפען מאַכען קיין לעבען פון אַרבייט. עס פלעגט נור ארויסהעלפען אין דער היימישער בעל־הבתישקייט און אויף אַזאַ אופן ערלערנען א מלאכה. די קינדער־אַרבייט איז דאַן געוועזן נור א טייל פון א עטוואָס רויהער ערציהונגס־ און בילדונגס־סיסטעם. קינדער — „זעלבסטשטענדיגע" אַרבייטער; קינדער, וואָס מוזען אַרבייטען אום צו מאַכען א לעבען („ברעד ווינערס"), קינדער, וואָס האַלטען אָפּטמאָל אויס מיט זייער אַרבייט אויף זייערע פאַמיליעס („ברויטגעבער") — זיינען א פּראָדוקט ערשט פון דעם קאַפּיטאַליזם, פון דעם געברויך פון מאַשינען. ערשט ווען די מאַשין שאַפט אָב די נויטיגקייט פון מוסקול־קראַפט, ערשט ווען די מאַשין ברענגט מיט זיך די העכסטע צוטיילונג פון אַרבייטס־פּראָצעס אויף קליינע, ריין־מעכאַנישע און פּשוט'ע אַרבייטען — ווערט די קינדער־אַרבייט אין איהר איצטיגער פאָרם מעגליך. און ערשט די קאַפּיטאַליסטישע תורה, וואָס האָט געמאַכט דעם „פּראָפיט" פאַר דעם איינציגען אָבגאָט, שאַפט די נויטיגע קראַפט אויף צו טרייבען דאָס קינד אין פעקטאָרי. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט, מיט דער ענטשטעהונג און דעם וואוקס פון די פעקטאָרי־וועבערייען אין די קאָלאָניעס, ענטוויקעלט זיך אויך אונזער מאָדערנע קינדער־אַרבייט.

---

*) „דהי איווונינג פּאָסט", ניו יאָרק, מערץ 24, ז. 14.

אין 1751 אָרגאַניזירט זיך אין באָסטאָן די „געזעלשאַפט אויף צו ערמונטערען אינדוסטריע און בעשעפטיגונג פון די אָרימע", וועלכע שטרעבט, ערשטענס, מיטצוהעלפען דעם פּראָגרעס פון די וואָל־ און אַנדערע וועבעריי־פעקטאָריעס און, צווייטענס, צו שאַפען בעשעפטיגונג פאַר „אונזערע אייגענע פרויען און קינדער". א פּראָווינציעלעס געזעץ פון 1753-4 לעגט אַרויף א שטייער אויף קעררידזשעס אום אונטערצוהאַלטען א פעקטאָרי פון ליינען, און דריקט אויס די האָפנונג, אז אין איהר וועלען געפינען בעשעפטיגונג די אָרימע און „ספּעציעל פרויען און קינדער". אין 1770 בעט א מאַנופעקטשורער ביי דער לעדזשיסלייטשור הילף פאַר זיין פּלאַן „צו פּראָדוצירען דורך קינדער־אַרבייט שטאָף פאַר קליידער". אין 1789 אַדווערטייזט די „ניו יאָרקער ליינען מאַנאַפעקטאָרי", אז איהרע דירעקטאָרס זיינען געניינגט אָנצושטעלען יונגע מיידלעך אין די אָבטיילונגען פון ליינען און קאָטען. אזוי ענטוויקעלט זיך לאַנגזאַם אָבער זיכער די קינדער־אַרבייט אין די פעקטאָריעס. און אין 1816 בעריכטעט די „קאָמיטע אָן מעניופעקטשורס", אז אין די קאָטען־מילס אַרבייטען אַרום 24.000 אינגלאַך אונטער זיעבצעהן יאָהר אַלט און אַרום 66.000 „פרויען און מיידלעך". אין גאַנצען שאַצט די קאָמיטע אָב די צאָהל קאָטען־אַרבייטער אַרום 100.000. — דיזע יונגע אינדוסטריע איז אַלזאָ כמעט אין גאַנצען געבויט געוואָרען אויף דער עקספּלואַטאַציע פון פרויען און קינדער. איבּריגענס, איז די קינדער־אַרבייט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען ניט געווען בעזונדערס גרויס ביז אַרום 1870. ביז דער צווייטער העלפט פון נייגצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען אונזערע אינדוסטריען נאָך אַלץ געווען, אזוי צו זאָגען, אין די ווינדעלאַך. ערשט נאָך דעם בירגער־קריעג, מיט דער שנעלער ענטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם אינדוסטריעלען סיסטעם, וואַקסט שנעל אויך די קינדער־אַרבייט, דערגרייכט איהר איצטיגע שענדליכע גרויס און ווערט אַן ערנסטע געפאַהר פאַר דער נאַציאָן*).

אונזער קינדער־אַרבייט און ווי מיר בעקעמפפען זי געזעצליך.

דזשאָהן ראַסקין האָט אַמאָל געזאָגט, אז „ווערען צו שנעל א מענש הייסט פערבלייבען א קליין מענשעלע". פריהצייטיגע ערמידענדע אַרבייט שטעלט אָב די ווייטערדיגע פיזישע און גייסטיגע ענטוויקלונג פון דעם יוגענדליכען אָרגאַניזם. דער מעכאַנישער כאַראַקטער, די איינ'אופנ'יגקייט אין די איינטאָניגקייט און די אנגעשטריינגטע געשפּאַנטקייט פון אונזער פעקטאָריע אַרבייט שאַפט אונז א קומענדען דור פון קאַרליקעס. גאַנצע 26 פּראָצענט פון אַלע אינגלאַך צווישען 10 און 15 יאָהר זיינען אין 1897 געווען פערנומען אין פערשיעדענע בעשעפטיגונגען פאַר'ן שטיקעל ברויט; צוזאַמען מיט די מיידלאַך פון 10 ביז 15 יאָהר אַלט האָבען זיי אויסגעמאַכט א ריעזיגע אַרמיי פון א מיליאָן מיט דריי פערטעל קינדער אַרבייטער. דאָס זיינען די צאָהלען פון דעם צוועלפטען צענזוס (1900). מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אז די צאָהלען זיינען גענומען פון די בעריכטען פון די אונטערנעהמער, אז זיי גיבען אונז קיין רעכנונג פון קינדער אַרבייטער, וואָס האָבען ניט דערגרייכט נאָך דעם צעהן יאָהריגען עלטער; מען שאַצט, אז די צאָהל פון קינדער אַרבייטער איז אם וויינינגסטען צוויי מיליאָן.

דריי פינפטעל פון דיזע קינדער (60,7%) זיינען געווען בעשעפטיגט אין אַגריקולטור, הויפּטזעכליך, ביי קאָטאָן אין די דרום שטאַאַטען. פיעלע פערטיידיגער פון קינדער אַרבייט בעהויפּטען, אז די פאַרם אַרבייט קאָן אייגענטליך ניט האָבען קיין שעדליכע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון יונגען דור. איהר קאָנט אָפט הערען פּאַטריאָטען, וואָס ווילען אייך דערמאָנען, אז אויך לינקאָלן שטאַמט פון א פאַרמער־הייזקע. די נאַטור פון אַגריקולטור־אַרבייט האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געביטען פון לינקאָלנס צייטען. די צאָהל פון קינדער, וואָס העלפען אַרויס זייערע עלטערען אין פעלד, וואָס אַרבייטען אונטער זייער אַנווייזונג און וואָס בעקומען אויף אזא אופן זייער אַגריקולטור בילדונג, איז יעצט אונבעדייטענד. א גאַנצער תהום טיילט אָב די מאָדערנע ספּעציאַליזירטע פאַרם מיט איהר קורצען סיזאָן פון אנגעשטרענגטער אינטעסיווער און איינאַרטיגער אַרבייט — פון דער אַמאָליגער עקסטענסיווער און פערשיעדענאַרטיגער פעלד־בעלי־הבית'ישקייט. די קאָטאָן פּיקערס אין טעקסעס, די בעררי־פּיקערס אין מערילאַנד, די קראַנבעררי פּיקערס אין ניו־דזשווירסי און ז. וו. ווילען נאָך אפשר מקנא זיין דעם פעקטאָרי אַרבייטער; אזוי שווער און לאַנג קומט זיי אויס צו אַרבייטען.

קיינע געזעצען עקזיסטירען ניט ביז יעצט אום צו בעשיצען קינדער, וואָס האָבען דאָס שלים מזל צו אַרבייטען אויף א פאַרם. נאָך מעהר: עס בעמערקט זיך אפילו ניט קיין ערנסטע געזעלשאַפטליכע שטרעבונג אין דיזער ריכטונג. די געזעלשאַפט איז נאָך ניט גרייט אויפצונעהמען די פראַגע וועגען קינדער אַרבייט אין איהר גאַנצער ברייט. דערווייל האָט זי געוואונדעט איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט

*) פערגלייך: 1) „רעפּאָרט אָן קאָנדישאָן אָוו וואומען ענד טשיילד ווייידזש אורנער אין דהי יו. ס." 1910, סענאַט, נומ. 465, באַנד, 6; 2) עדיט אבבאט „ווימען אין אינדוסטרי", 1913, אַפּענדיקס איי.

אויף דער קינדער ארבייט אין די אינדוסטריען. דער ערשטער אָרגאניזירטער פּראָטעסט געגען קינדער־אַרבייט פון די טרייד יוניאָנס אין 1889 ווערט אונטערשטיצט פון „די פעדערירטע נאַציאָנאַלע פרויען קלאבס“, פון דער „נאַציאָנאַלער בילדונגס געזעלשאַפט“, פון דעם „קאָנגרעס פון מוטערס“, פון דער „קאָנסומערס ליעג“. ענדליך גרינדעט זיך אין 1903 דער „נאַציאָנאַלער קינדער־אַרבייט קאָמיטעט“, וועלכער האָט אַלס זיין איינציגען ציעל די בעקעמפפונג פון קינדער אַרבייט. מען מוז געבען קרעדיט דעם קאָמיטעט. ער האָט אַ צאהלרייכע מיטגליעדערשאַפט (7000 אין 1913) און האָט ענטוויקעלט אן ענערגישע טעטיגקייט. ער פיהרט אָן אַ ברייטע אַגיטאַציע; האַלט אויס אַ גאַנצע אַרמעע פון ערפאהרענע אגענטען, וועלכע דארפען פערזענליך אונטערזוכען די לאגע אין פערשיעדענע סטייטס; גיט אַרויס אַ גאַנץ גוטען פעריאָדישען „קינדער־אַרבייט ביוללעטין“ און א וועלט מיט פאַמפלעטען; פיהרט אן ענערגישע לאָבבי אין די געזעצגעבערישע אנשטאַלטען פון די איינצעלנע סטייטס און אין וואַשינגטאָן. דעם לעצטען יאָהר האָט דער קאָמיטעט אויסגעגעבען 65.000 דאָלאר אויף צו בעקעמפפען קינדער־אַרבייט אין די פ. ש. די רעזולטאַטען פון דיעזער געזעלשאַפטליכער אנשטרענגונג זיינען קלעגליכע: אַ פּאָר געזעצען אין די 52 פערשיעדענע פּאָליטישע טיילען פון לאַנד; (נאָך דער קאָסטיטוציע געהער די פראַגע פון קינדער־אַרבייט צום מאַכט־געביעט פון די איינצעלנע שטאַאטען און ניט פון דער פעדעראלער רעגיערונג). און די געזעצען זיינען אַלע נעגאטיווע — ד. ה. זיי פערוועהרען, בעגרענצען קינדער־אַרבייט, אָבער זיי שאַפען ניט אָב די אורזאכען, וואָס רופען אַרויס קינדער־עקספּלואַטאַציע. אַ קורצער סך הכל וועט געניגען:

פערציג שטאַאטען, דיסטריקט אָוו קאָלומביא און פּאָרטאָריקא פערבאָטען אנצושטעלען קינדער, וואָס זיינען אינגער פון 14 יאָהר אין פאבריקען; איינע שפּרייטען אויס דיעזען פערבאָט אויך אויף האַנדעלס אנשטאַלטען און וועניגע אויף יעדער ארט בעשעפטיגונג אויסער פארם־אַרבייט און הויז־דיענסט. דיעזער געזעץ פארליערט אָבער אַ גרויסען טייל פון זיין בעדייטונג, ווען מיר נעהמען אין בעטראכט, אז דער גרעסטער טייל שטאַאטען פאָדערן ניט קיינע דאָקומענטאַלע בעווייזען פון דעם קינדס עלטער און בענוגענען זיך מיט אַ פערזיכערונג פון די עלטערן. די עלטערן אָבער, זייענדיג פעראינטערעסירט אין די קינדערס פערדיענסטען, קאָנען קוים זיין כשר לעדות אין דער פראגע פון זייערע קינדערס עלטער. פון די פיעלע אויסנאַהמען פון געזעץ, ווען עס איז יא ערלויבט אנצושטעלען קינדער אונטער 14 יאָהר, איז בעזונדערס אינטערעסאנט די פאָלגענדע: דער געזעץ פון פיעלע שטאַאטען ווערט אָפּט בעגלייט מיט דער בעמערקונג: „אויסער יתומים און קינדער פון ניט זעלבסטשטענדיגע עלטערן“; זיי מעגען אַרבייטען. ניט אומזיסט האָט נאָך שלום־עליכמ׳ס מאטעל זיך געקאָנט בעריהמען: מיר איז גוט, איך בין אַ יתום“.

פינפצעהן שטאַאטען פערביעטען קינדער אונטער זעכצעהן יאָהר צו אַרבייטען אין מיינס; אַ טייל פון זיי שפּרייטען אויס דיעזען פערבאָט אויך אויף קינדער־שטיין־ברעכערס.

אכטצעהן שטאַאטען און דער דיסטריקט אָוו קאָלומביא פערוועהרען צו לאָזען אַרבייטען קינדער פון 14 ביז 16 יאָהר מעהר ווי 8 שטונדען אַ מעת לעת, אָדער 48 שטונדען אַ וואָך; פּאָרטאָריקא בעגרענצט די ערלויבטע צייט פאר קינדער־אַרבייט מיט זעקס שטונדען טעגליך. אָבער דיעזער אַכט־שטונדיגער אַרבייטס טאָג איז אַ מוז פאַר קינדער נאָר אין פעקטאָריעס, מיללס און ד. ג. אַנדערסוואו מעגען קינדער אַרבייטען אן אונבעגרענצטע צייט; אַ חוץ דעם מאַכט דאָס געזעץ מעהרסטענס אָהן אַ שיעור אויסנאַהמען, ווי למשל, פאַר סיזאָן אַרבייט, אין דער פאבריקאַציאָן פון פּראָדוקטען וואָס קאָנען קאליע ווערען און ז. וו.

פינף און דרייסיג שטאַאטען פערוועהרען נאַכט־אַרבייט פאר קינדער אינגער פון זעכצעהן יאָהר.

און דאָס איז גאָר. אָבער אויך דיעזע געזעצען ווערען קוים אָבגעהיט. אַזוי דערצעהלט אונז דר. קלאפּפּער: „מען האָט ניט געשאָנקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט דעם געזעץ; קינדער, וואָס זיינען קוים אַלט געוועזען זיעבען יאָהר, האָבען שווער געאַרבייט“*) „איך מאַך די געוואַגטע בעהויפּטונג, ערקלערט אונז דער סעקרעטער פון דער „פּענסילוואַניער קינדער־אַרבייט געזעלשאַפט“, אז צוויי דריטעל פון אַלע שטאַאטען האָבען אבסאָלוט קיין סיסטעם ניט אין דורכצופיהרען די קינדער־אַרבייט געזעצע“**). דר. אאטס, דער הויפּט פאַבריק אינספּעקטאָר פון אַלאַבאַמאַ, בעקלאָגט זיך, אז „די אינגלאך און מיידלעך אויף די קאטען־מילס ווערען אזוי אויסגעטריקענט, דאָס עס ווערט אונמעגליך צו אונטערשיידען, צי זיי זיינען אַלט 12 אָדער 18 יאָהר***). קיין וואונדער, אז דער צענזוס פון מאַנופעקטשו־

---

*) „טשיילד לייבאָר ביולעטין“, 1914, ז. 58.

**)דערזעלבער ביולעטין, 1912, אויגוסט, ז. 109.

***) „דהי דיילי פּיקיין“, ניו אָרלעאַנס, 1914, מאַרטש 17, בעריכט פון קאָנפ,

רערם פון 1909 רעדזשיסטרירט כמעט גאַנצע הונדערט טויזענד קינדער (99.387) אין פעק־טאָריעס, וואָס אַרבייטען מעהר ווי אַכט שטונ־דען טעגליך. און דאָס איז לויט די בעריכטען פון די אַרבייטס־געבער אַליין!

די קורצע סטאַטאַסטיק, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, קאָן נור געבען אַ שוואַכע פאָר־שטעלונג פון דער צאָהל שוצלאָזע קינדער, וואָס אונזער ליבעראַלע געזעלשאַפט איז יאָהר איין יאָהר אויס מקריב אויף די מזבחות פון דעם קאַפּיטאַליסטישען מולך; נאָך וועניגער קען זי אונז געבען אַ בעגריף פון דער מאָס פון דעגענעראַציע, וואָס די קללה פון קינדער־אַרבייט טראָגט מיט זיך אַריין אין אונזער נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם. אויסגעלאָשענע, טרערענדע אויגען; בלייכע, בלוטלאָזע באַקען; אַן איינגעפאַלענע ברוסט און אַן אויסגעבויגענער רוקען; גייסטיגע ניעדערגעשלאָגענהייט און מאָראַלע אונבעהאָל־פענקייט — דאָס אַלץ לאָזט זיך ניט פאָרשטע־לען סטאַטיסטיש.

קעמפּפען געגען אַזאַ ערנסטען איבעל בלויז מיט געזעצליכע פערבאָטען, הייסט, אין בעסטען פאַל, זיך לעבערליך מאַכען. דער שטרענגסטער „לא תעשה!" פון געזעץ־בוך האָט נאָך קיינמאָל פון זיך אַליין ניט בעזייטיגט קיין איבעל. עס איז נוצלאָז צו פערביעטען קינ־דער־אַרבייט, אויב מיר לאָזען אונבעריהרט די סאָציאַלע וואָרצלען, פון וועלכע זי וואַקסט אַרויס.

די סאָציאַלע אורזאַכען פון קינדער אַרבייט און די נויטיגע רעפאָרמען.

פאַר וואָס אַרבייטען קינדער? אַ קינד דאַרף זיך שפּיעלען. דעם קינדס נאַטור פאָ־דערט, אַז דאָס שפּיעל זאָל בעאיינפלוסען יעדען טריט זיינעם*). ניט מיט דעם גוטען ווילען געהט אַ קינד אויף אַרבייט. וועניג צוציהענ־דעס און אינטערעסאַנטעס קאָן דאָס קינד פאַר זיך געפינען אין פעקטאָרי אָדער אין דער ספּע־ציאַליזירטער פאַרם־אַרבייט. אַלע עלטערן ווי־לען מאַכען זייערע קינדער פאַר „מענשען" און אפילו די סאַמע אונוויסענדע עלטערן ווייסען דאָך פון דער טעגליכער פּראַקטיק, אַז פריהציי־טיגע אַרבייט מיינט אַ סוף צו אַלע אַמביציעזע שטרעבונגען פאַר זייערע קינדער. נישטיג איז די צאָהל פון אַזעלכע דעגענערירטע עלטערן, וואָס זאָלען זיך וועלען מאַכען אַ פּרנסה פון זייערע קינדער. (געגען זיי קאָן דער פערבאָט דורך'ן געזעץ אויך זיין נוצליך). ניין, ניט פאַר תענוג לאָזען די עלטערן זייערע קינדער זאָלען ווערען פריהצייטיגע פּרנסה־געבער. די אונ'ברחמנות'־

*) זעה „דהי טשיילד" ביי איי. פּ. טשאַמבער־ליין. לאָנדאָן 1901.

דיגע נויט רייסט אָב די צאַרטע יוגענד פון איה־רע שפּיעלצייג און לעהר־ביכלאָך און טרייבט זיי אין די אָרעמס פון דעם מאָדערנעם אַבגאָט — פּראָפיט. די קינדער פון אַלמנות, פון אינ־וואַלידען, פון עלטערן, וואָס האָבען פערלאָרען זייער אַרבייטס פעהיגקייט, זיינען די ערשטע קרבנות. צעהנדליגער טויזענדער אַרבייטער, וועלכע האָבען מעגליך אויך אַנגעהויבען צו פריה זייער דיענסט אין אַנדערע אינדוסטריען, ווערען יעהרליך אַרויסגעשלאָגען פון די רייהען: צי דורך טויט, צי דורך פערקריפּלונג, צי דורך קראַנקהייט אָדער אונפעהיגקייט צו דער אַרבייט — וואָס איז דער אונטערשיעד? די ליבעראַלע געזעלשאַפט בעציהט זיך בעזאָנדערס פריינדליך צו די קינדער פון אַזעלכע קרבנות; זי ער־לויבט גוטמוטהיג דיעזע שוצלאָזע קינדער צו אַרבייטען פריי אין דער צאַרטעסטער יוגענד און ניט בעגרענעצטע שטונדען; זי פערשפּאַרט זיי די עבירה פון איבערטרעטען דאָס געזעץ!

דאָך מאַכען דיעזע אונגליקליכע אויס בלויז דעם קלענסטען טייל פון דער גרויסער קינדער־אַרבייטער אַרמיי. די גרויסע מעהרהייט פון אונזערע אַרבייטער בעקומען אַזעלכע קלעגליכע שכירות, אַז זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו בע־זאָרגען זייערע פאַמיליעס מיט אַ וויפיעל עס איז אַנשטענדיגען לעבען, און זיי מוזען צוזאַ־מען מיט זיך אויך פערקויפען זייערע קינ־דער. עס איז שווער גענוי צו בעשטימען ווי־פיעל אַ מיטעלע אַרבייטער פאַמיליע מוז אַם ווע־ניגסטען האָבען אום צו מאַכען אַ נאָרמאַלען לעבען: אין אַ אונטערזוכונג איבער די בעדינ־גונגען אין מאַנהעטען קומט דר. ראָבערט טשאַ־פּען צום שלום, אַז „אַ הכנסה פון 900 דאָלאַר אָדער מעהר וועט וואַרשיינליך" גענוגען צו בע־פרידיגען לכל הפּחות די ריין־פיזישע בעדערפ־ניסען. די דערמאָנטע רעגיערונגס־אונטערזו־כונג וועגען דער לאַגע פון קינדער און פרויען אַרבייטער בעשטימט דעם מינימום פאַר דאָס אָרימסטע לעבען פון אַ קאָטאָן־אַרבייטער־פאַ־מיליע אין די סויטערן סטייט אַלס ניט וועניגער ווי $600,74, און פאַר די נאָרטערן סטייטס (פאָל־ריווער) אַלס ניט וועניגער ווי $690,95 פאַר אַ אימיגראַנטען פאַמיליע און $731,99 פאַר אַ ענגלישער פאַמיליע*). וויפיעל זשע קריגען אונזערע אַרבייטער אין דער ווירקליכ־קייט?

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אַריינלאָזען אין אַן אויספיהרליכע סטאַטיסטיק פון שכירות, מיר וועלען בריינגען איין איינציגען עדות, אויף וועלכען אין דעם פאַל קענען מיר זיך זיכער פערלאָזען. דער פעדעראַל רעפאָרט, דער רע־זולטאַט פון אַ גרינדליכער אונטערזוכונג פון

*) אויבען (ז. 9) ציטירטעס ווערק. באַנד 16, ז. ז. 171, 250.

די אַרבייטער הכנסות אין דער קאַטאַן אינדוסטריע, ערקלעהרט אונז, אַז „אין דער גאַנצער אונטערזוכונג האָט זיך ניט געפונען קיין איינצעלנער אַרבייטער, וואָס זאָל פערדיענען גענוג אום אויסצוהאַלטען אַ נאָרמאַלע פאַמיליע אויף אַן אַנשטענדיגען אופן"*). דיעזער קורצער סך הכל גיט אונז אַ קלאָרען ענטפער אויף דער פראַגע: פאַר וואָס קינדער מוזען אַרבייטען?

קינדער מוזען אַרבייטען דערפאַר, ווייל זיי בלייבען אָהן יעדע שטיצע, נאָכדעם ווי זייערע ברויטגעבער האָבען פערלאָרען זייער לעבען אָדער זייערע קרעפטען אין אונזערע אינדוסטריען.

קינדער מוזען אַרבייטען דערפאַר, ווייל זייערע ברויטגעבער בעקומען צו קליינע שכירות אום צו מאַכען אַ אַנשטענדיגען לעבען.

קינדער מוזען אַרבייטען דערפאַר, ווייל די כראָנישע אַרבייטסלאָזיגקייט שניידט נאָך מעהר אונטער די קליינע שכירות פון זייערע ברויט־געבער.

אַ קאַמפף מיט קינדער אַרבייט, מוז דעריבער זיין אַ קאַמפף מיט איהרע סאָציאַלע אורזאַכען; מוז זיין אַ קאַמפף געגען קינדער שוץ־לאָזיגקייט, געגען די צו קליינע הונגער־שכירות פון די ערוואַקסענע, געגען כראָנישע אַרבייטס־לאָזיגקייט.

אויב דאָס פאָלק איז ווירקליך ענטשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו דער קללה פון קינדער־אַרבייט, טאָר עס זיך ניט בענוגענען מיט מאַכען אַ ברוגז'ע מינע און שרייען „מען טאָר ניט!" אַ ברייטע פּראָגראַם פון סאָציאַלער געזעצגעבונג מוז דורכגעפיהרט ווערען:

1) געזעצליכע אַרבייטער־פערזיכערונג געגען טויט, פערקריפּלונג, קראַנקהייט און עלטער—שוואַכקייט.

2) געזעצליכע מינימאַלע וויידזשעס.

3) געזעצליכע פערזיכערונג געגען אַרבייטס־לאָזיגקייט. — דאָס זיינען די ערשטע פונקטען פון אַזאַ פּראָגראַם. דאָס איז דער וועג, וואָס איז שוין אָנגעצייכענט געוואָרען פון דער סאָציאַלער פּראַקטיק פון אַנדערע לענדער. (ענגלאַנד, דייטשלאַנד, אויסטראַליען . . . .).

פאַר וואָס די ליבעראַלע געזעצגעבונג האָט געמוזט זיין אַ דורכפאַל?

דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען איז דער גרונד פון גאַנצען פאָלקס־לעבען. דאָס פאָלק קאָן דאָ ניט בלייבען קיין זייטיגער צושויער. דאָס פאָלק קאָן זיך ניט פערלאָזען אין דער פראַגע אויף דעם פּראָפיט זוכענדען אונטערנעהמער. דאָס פאָלק — דורך זיין פערטרעטער — דעם שטאַאט מוז איבערנעהמען די לייטונג און קאָנטראָל פון זיין ווירטשאַפטליכען לעבען אין זיינע אייגענע הענד.

אפילו עהרליכע ליבעראַלען, מיט זייער גאַנצער פיינדשאַפט צו יעדער סאָציאַלער און ווירטשאַפטליכער טעטיגקייט פון שטאַאט, הויבען עס אָן צו אַנערקענען. דער פּרעזידענט פון דער „אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר אַרבייטער געזעצגעבונג" ווידמעט זיין לעצטען פּרעזידענטס־בריעף דער פראַגע, פאַר וואָס די ליבעראַלע אַרבייטער געזעצגעבונג איז ביז אַהער געווען אַ דורכפאַל. און ער ערקלעהרט עס אויף פאָלגענדען אופן:

„מיר (די פאָרשטעהער פון ליבעראַלען געדאַנק אין די פּעראייניגטע שטאַאטען) האָבען קיינמאָל ניט געזוכט מיט דעם גאַנצען הארצען צו געווינען דאָס פאָלק פאַר דעם פּרינציפּ, אַז איינע פון די הויפּט־אויפגאַבען פון שטאַאט איז צו בעשטימען דעם אופן ווי אַזוי די אינדוסטריען דאַרפען אנגעהען און אָנגעפיהרט ווערען, און אַז דער שטאַאט טהוט זיין חוב ווי עס געהער צו זיין נאָר דאַן, ווען זיין טעטיגקייט איז אין הסכם מיט דיעזען פּרינציפּ"*).

פשוט'ער גערעדט, אַרבייטער־געזעצגעבונג קאָן זיין אָן ערפאָלג נור דאַן, ווען מיר זאָגען זיך אָב פון די ליבעראַלע פּרינציפּען. דער שטאַאט קאָן ניט בלייבען ביי זיין ליבעראַלען גלויבען אין דער אונבעריהרליכקייט פון פּריוואַט־אייגענטהום, אין אַבסאָלוטער און אונבעגרענצטער פרייהייט פון קאָנקורענץ און קאָנטראַקטען (זאָג: פרייהייט צו עקספּלואַטירען) — און צו דערזעלבער צייט בעשטימען דעם גאַנג פון אונזער ווירטשאַפטליכען לעבען און די אַרבייטס־בעדינגונגען אין אונזערע אינדוסטריען.

נאָך אַ ברייטע סאָציאַלע טעטיגקייט פון שטאַאט, געשטיצט אויף נייע פּרינציפּען פון רעכט און גערעכטיגקייט, וועט קאָנען בעפרייען די צאַרטע יוגענד פון איהר יעצטיגער שקלאַפעריי.

---

*) ציטירט ער „ריפּאָרט", ב. 16, ז. 250.

*) W. S. Willoughby פּרינסטאָן יוניווערסיטי, „דהי פילאָסאָפי אָוו לייבאָר לעדזשיסליישאָן" אין דעם „אַמעריקען פּאָליטיקאַל סייענס ריוויו". 1914, פעבר. ז. 14.

טהיר נומער 3

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער")

.1

הינטער דער דאָזיגער טהיר האָט געוואָהנט דער „שעהנער זשענטעלמאַן" בעני, דער אייגענער, מיט וועמען די דיקע, רויטע ברכה פון דער טהיר נומער 2 איז צום באַל געגאַנגען. ער האָט דאָרט געוואָהנט מיט זיין „מאַמען" און זיין „שוועסטער".

זיין „מאַמע" מיסעס גוטמאַן איז געווען אַ דיקע, עלטערע אידענע מיט אַ פרומען, גוטען פנים און האָט געטראָגען אַ שייטעל אויף׳ן קאָפּ. זיין „שוועסטער" מייביל איז געווען אַ אונגעוועהנליך־שעהן מיידעל, אַ הויך־געוויקסיגע ברונעטקע, מיט אַ לענגליכען, דונקעלען פנים, שווארצע, גרויסע, פייערדיגע אויגען, פעך־שווארצע האָאָר און מיט אַ מעכטיגען בוזים.

די שכנות האָבען אַלע פיר די דיקע מיסעס גוטמאַן דרך ארץ געהאַט, געהאַלטען זי שיעור פאַר אַ צדקנית. קיינעם פון זיי וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געקענט איינפאַלען, אַז דאָס שעהן געוויקסיג מיידעל מיט די ברענענדיגע אויגען, וואָס ביי איהר ערשיינען אמאָל אין׳ם קאָרידאָר, האָבען די מענער אינסטינקטיוו אַ ציטער געטהאָן און די פרויען האָבען מיט בעוואונדערונג די קעפּ געשאָקעלט און זיך גע׳סוד׳עט: „וואָס פאַר אַ שעהנער בוים, קיין עין הרע ניט", — אַז זי איז ניט איהר טאָכטער און אַז דער שעהנער יונגערמאַן איז ניט איהר זוהן. אַז זי זאָל זיין אַ בעל הבית׳טע פון אַ „שטילען הייזעל", זי, די פרומע מיסעס גוטמאַן, וואָלט אַוודאי קיינעם פון זיי ניט איינגעפאַלען. זיי, די שכנים און די שכנות, האָבען זי תמיד געזעהן מיט איהר גוטען, פריינדליכען און כמעט צנועות׳דיגען שמייכעל, און גערעדט האָט זי אַזוי ווייך, אַלע מאָל געברויכענדיג די ווערטער „אַ גדולה אויף אייך", און געקוקט האָט זי אַזוי מילד, אַזוי גוטהערציג. און אַלע מאָל האָט זי אַ שעהנע נדבה געגעבען, ווען מען האָט צו איהר אין די טהיר אַנגעקלאַפּט. די טהיר האָט זי שטענדיג געהאַלטען צוגעשלאָסען פון אינווענינ, און האָט מען אין איהר אָנגעקלאַפּט, האָט מיסעס גוטמאַן זי אַ ביסעלע געעפענט און ארויסגערוקט דעם קאָפּ, צו זעהן, ווער דאָרט איז. אַ שכנה האָט זי קיינמאָל אינווענינ צו זיך ניט אריינגעלאָזט אַלע מאָל מיט׳ן תירוץ: „איהר קענט ניט אריינגעהן, אַ גדולה אויף אייך. מיין טאָכטער טהוט זיך אָן" . . . אָדער: „מיין זוהן, זאָל לעבען, איז ערשט אויפגעשטאַנען און זיצט זיך ווי אין דער־היים, אַ גדולה אויף אייך". און האָט אַ שכנה ביי איהר אַ מאָל געבעטען, אַ טעפּעל צו לייהען, האָט זי איהר קיינמאָל ניט געליהען: „טהייערינקע" — האָט זי איהר געזאָגט — „האָט קיין פעראיבעל ניט, אַ גדולה אויף אייך, איך קען עס ניט טהאָן, איך ווייס ניט, אויב עס איז גענוג כשר ביי אייך."

און זי האָט עס טאַקי געמיינט אויך. זי איז געווען פרום. האָט אָפּגעהיט כשרות און טריפה אין׳ם הויז, געוואַשען זיך צום עסען, אָהן אַ ברכה גאָר נישט אין׳ם מויל ניט אריינגענומען, און איז אַ תענית געווען, האָט זי געפּאַסט, און פסח האָט אַ ברעקעלע חמץ ניט געטאָרט זיך געפינען אין איהר גאַנצען הויז. יעדען שבת האָט מיסעס גוטמאַן (פריהער האָט זי אנדערש געהייסען) איהר טייטש־חומש געלייענט. דאָן האָבען אָפּט גאָטס־ווערטער זי דורכגענומען און זי האָט זיך צוזיפצט און צו׳טענה׳ט וועגען די מענשליכע זינד און האָט איהר אייגען זינדיג הארץ פאַר מייביל אויסגערעדט. און דעמאָלט האָט מייביל איהר יעדעסמאל געזאָגט, אַז זי איז „פאָני", קאָמיש, און זי געפרעגט, פאַרוואָס זי איז ניט קיין „ראַבי". און די גאַנצע צעהן טעג צווישען ראש השנה און יום כפור איז איהר הויז „ריין" געווען, און זי האָט תחינות געזאָגט, און אין הארצען זיך געקלאַפּט, און געקלאָגט. יום כפור איז זי דעם גאַנצען טאָג אין דער שוהל אָפּגעזעסען און אַז זי איז דערנאָך אהיים געקומען, איז דער גאַנצער פנים ביי איהר פערשוואָלען געווען פון געוויין אין אין׳ם הארצען האָט איהר וועה געטהאָן פון די זעץ, וואָס זי האָט זיך מיט אַלע כוחות געגעבען . . . זי האָט אין די דאָזיגע מורא׳דיגע טעג אַזוי געציטערט, דאָס איהר פחד האָט זיך אויך אינסטינקטיוו איבערגעגעבען מייבלען, וועלכע פריהער מיט אַ יאָהר, א י י ד ע ר זי איז געזונקען, א י י ד ע ר זי איז צו מיסעס גוטמאַן אָנגעקומען, קיין גאָט אין איהר הארצען קיינמאָל ניט געפיהלט . . .

נור איין מיסעס דראַבקין, די יונגע דיקע הויז־קיפּערין מיט די צושויבערטע האָר, שווארצע אויגען און שטענדיג־צושפּילטען בוזים,

האָט געוואוסט, וואָס ביי מיסעס גוטמאַן הינטער דער טהיר טהוט זיך.

אַ היבשע צייט האָט זי אויך ניט געוואוסט. דערנאָך אָבער האָט זי איינמאָל לעצטען ווינטער אין אַ שבת נאַכט בעמערקט עטליכע מיידלאך אהין אַריינקומען, וואָס זיינען איהר עפּעס ניט געפעלען געוואָרען. (שבת ביי נאַכט און זונטאג דעם גאַנצען טאָג זיינען אימער דאָרט געווען עטליכע מיידלאך, אויסער מייביל). דאן האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט נעבען איהר קעלער אונטער די טרעפּ און גענומען היטען יעדען, וואָס איז אין דאָס הויז אַריין. אַ אונבעקאנטער יונגערמאַן איז צום הויז צוגעגאַנגען, האָט זי איהם געפרעגט: „מיסטער, ווע־מען דאַרפט איהר?“ ער האָט געענטפערט: „מיסעס גוטמאַן“, און איז אין׳ם קאָרידאָר פערשוואונדען. האָט זי זיך דערנאָך געשטעלט אויף די טרעפּ און דורך די גאַס־טהיר, וואָס איז בעלויכטען געווען מיט אַ גאַז־לאָמפּ, אין דעם קאָרידאָר אַריינגעקוקט. אַ יונגערמאַן האָט זיך בעוויזען מיט פעררויטעלטע באַקען און זיך איהר פערבייגע׳גנב׳עט, ווי פערשעהמט . . . דערנאָך אַ צווייטער, אַ דריטער, אַלץ מיט פעררויטעלטע פּנים׳ער און אַרונטערגעלאָזענע אויגען. האָט זי אַ טראַכט געטהאָן: „עפּעס איז מיר דאָרט ניט גלאַט!“ דערנאָך איז מיט אַמאָל בעני אַרויסגעקומען. האָט זי דערזעהן, געוואָרפען אויף איהר אַ דורכדרינגענדען בליק און זיך גלייך צוריקגעקעהרט. „עפּעס איז מיר דאָרט ניט גלאַט!“ — האָט זי דאַן אַ צווייטען מאָל אַ טראַכט געטהאָן. אין אַ ווײַלע אַרום איז מיסעס גוטמאַן אַליין אַרויסגעקומען.

— אַ גוטינקע וואָך אייך, מיסעס דראַבקין — האָט זי געזאָגט מיט איהר גוטען, צנועת׳דיגען שמייכעל — וואָס שטעהט איהר עפּעס דאָ אין קעלט, אַ גדולה אויף אייך? ביי מיר איז היינט אַ שטיקעל יום טוב. מיין טאָכטער, זאָל לעבען, איז היינט געוואָרען אַ כלה מיט מזל . . .

און זי האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ אויפריכטיגער מינע און טאָן, דאָס מיסעס דראַבקין האָט פערשטאַנען, אַז די אויסגעפּוצטע מיידלאך, וואָס זי האָט געזעהן אַהין אַריינגעהן, זיינען חבר׳טעס אָדער קרובות און די יונגע לייט מיט די פעררויטעלטע פּנים׳ער האָבען צו ביסלאך דאָרט געטרונקען אויף דער שמחה און זיינען מסתמא געווען שיכור׳לאך . . .

— מזל טוב אייך, מיסעס גוטמאַן — האָט זי זיך דאַן אַ כאַפּ געטהאָן מיט חרטה אין׳ם האַרצען, למאי זי האָט גאָר די חוצפּה געהאַט, חשד צו זיין אַזאַ פרומע אידענע, ווי מיסעס גוטמאַן איז: — גאָט זאָל געבען, איהר זאָלט פון איהר אַ סך נחת זעהן! . . .

— אַ שעהנעם דאַנק אייך, מיסעס דראַבקין — האָט מיסעס גוטמאַן געזאָגט, אָנגענומען זי ביי אַ האַנד און איהר אַריינגעקוועטשט אַ וואַרעמע אַסיגנאַציע.

— אַ צוויי דאָלאַרדיגע?

— דאַנקט ניט, דאַנקט ניט, מיסעס דראַבקין, אַ גדולה אויף אייך, פערניצט געזונד. ביי מיר איז היינט אַ שמחה, האָט אויך הנאה . . .

און ווען מיסעס דראַבקין איז דערנאָך אין איהר קעלער אַריין און האָט עס דערצעהלט איהר מאַן, האָבען זיי בײדע זי געבענשט. מיסטער דראַבקין, אַ יאָהר דרייסיג אַלט, מיט אַ בלייך־שווינדזיכטיג געזיכט און שפּיציגען, מאַגערען גוף, איז געווען אַ פעדלער, האָט געפעדעלט פון אין דער־פריה ביז ביינאַכט אין די געגענדען פון בראָנקס און קוים פערדיענט אַן אַכט דאָלאַר אַ וואָך. פאַר דריי־יאָהרען, פאַר דער חתונה, איז ער אַ שניידער געווען און האָט פערדיענט איבער אַכצעהן דאָלאַר וועכענטליך. מיט אַמאָל אָבער האָט ער זיך גענומען קלאַגען אויף די ברוסט, דער דאָקטאָר האָט איהם פערבאָטען צו זיצען אין אַ פערשטיקטען שאַפּ, איז ער פעדלען אַוועק. זיין יונגע פרוי, אום איהם צו העלפען, איז געוואָרען די הויז־קיפּערין פון דעם דאָזיגען טענעמענט־הויז, וואָס האָט געהערט צו אַ רייכען לאַנדסמאַן, האָט שווער געאַרבייט אויף אַלע עטאַזשען, געוואוסט וואָס ביי די מייסטע שכנים אין׳ם טעפּעל טהוט זיך. נאַטירליך, אין דעם דאָזיגען גרויסען טענעמענט־הויז זיינען אויך געווען שכנים, אפילו זעהר ווייניג, וואָס הינטער זייערע טהירען האָט זי נור ווען־ניט־ווען אַריינגעקוקט.

מיסעס גוטמאַן האָט אָבער שוין ניט געקענט רוהען: ווען מיסעס דראַבקין האָט איינמאָל בעמערקט, האָט זי געקענט אַ צווייטען מאָל בעמערקען. ניט אַלע טאָג קען דאָך אַ טאָכטער אַ כלה ווערען . . . מען מוז איהר צו׳חתמה׳נען די אויגען און דעם מויל. און אויף מאָרגען, ווען אַ געוויסער פּאָליטישען איז געקומען, קאָלעקטען ביי איהר געלד „פאָר פּראָטעקשען“ (יעדען זונטאג האָט ער ביי איהר „געקאָלעקטעט“), האָט זי מיט איהם וועגען דעם איבערגערעדט. ער האָט אויך געזאָגט: „מען מוז איהר כשר מאַכען“. און בעני האָט דערביי בעמערקט: זי אַליין מוז מען טריף מאַכען . . . ער וועט שוין דאָס האָבען אין׳ם זינען . . . דערווייל אָבער, דענקט ער אויך, מוז מען זעהן, זי זאָל ניט זעהן, זי זאָל שטום זיין. דערווײַלע מוז מען איהר „כשר“ מאַכען.

און אויף נעכסטען מאָנטאג בייטאָג, ווען אין׳ם הויז איז קיינער ניט געווען און מייבעל האָט דאָרט געשלאָפען אין׳ם פראָנט־צימער, האָט מיסעס גוטמאַן אַריינגערופען צו זיך מיסעס דראַבקין, געבעטען זי זיצען און גאַנץ פאַרזיכטיג אַזוי אָנגעהויבען:

— מיסעס דראַבקין, אַ גדולה אויף אייך,

וואָס איך וויל אייך פרעגען . . . בין איך אן עהרליכע פרוי, ווי דענקט איהר ?

מיסעס דראבקין האָט זי פערוואונדערט אָנגעקוקט מיט איהרע שווארצע אויגען :

— אויב איהר זייט אן עהרליכע אידענע ? וואָס פרעגט איהר מיך, מיסעס גוטמאַן־לעבען, רבונו של עולם, מיין קינד זאָל זיין ניט ערגער ווי איהר !

— איא, מיסעס דראבקין, איך האָב גאָט אין׳ם הארצען ? פון קיין מצוה זאָג איך זיך ניט אָב, פון קיין נדבה ; איך בין גערן צו טהאָן א טובה א אידען . . .

— אוודאי, אוודאי, ווער ווייסט דאָס ניט ? . . .

— איך מיין דאָך, קיינער פון די שכנים וועט, א דאנק גאָט, אויף מיר קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגען . . .

— חלילה, וואָס רעדט איהר ! . . .

— מען קען האלטען ניט קיין שעהנעם געשעפט און זיין א שעהנער מענש. נישט אזוי ?

— געוויס. געשעפט איז דאָך חיונה, ברויט . . .

— אָ־אָ־אָט דאָס מיין איך טאַקי, א גדולה אויף אייך ! — האָט מיסעס גוטמאַן זיך א כאַפּ געטהאָן און זי א לאסצע געטהאָן מיט די אויגען — איהר זייט דאָך גאָר א קלוג ווייבעל, לעבען זאָל איך אזוי. הערט־זשע אויס, א גדולה אויף אייך, איך וויל, איהר זאָלט פערדיענען א פּאָאָר דאָלאר פון דער זייט. אייער מאַן, נעבאך, איז א קראנקער, דארף פעדלען, נעבאך, די פּאָאָר דאָלאר וועלען אייך אוודאי צוניץ קומען . . .

— אָי־אָיי נאָך ווי ! — האָט מיסעס דראבקין אויסגעשריען און מיט התפעלות, דאנקבארקייט און ליעבע געקוקט אויף מיסעס גוטמאַן : — אדרבה, זאָגט נור ווי אזוי איך קען פערדיענען די פּאָאָר דאָלאר. איך בין בערייט צו ארבייטען איבער מיינע כוחות. קוים וואָס מיר קומען דורך מיט מיין שוואכען מאַנ׳ס פערדיענסט . . .

— איהר דארפט גאָר ניט ארבייטען. איהר דארפט נור קוקען און שווייגען און היטען, אז אנדערע זאָלען ניט זעהן. איהר פערשטעהט ?

— הא ? ניין. איך פערשטעה ניט.

— און איהר דארפט נאָך ביי זיך טראכטען : „פאר דעם אנדערנ׳ס עבירות וועט מען מיך ניט שמייסען״ . . . דערפאר וועט איהר קריגען פינף דאָלאר יעדע וואָך.

— הא ? לעבען זאָלט איהר, מיסעס גוטמאַן, איך פערשטעה דאָך אייך ניט . . .

— מילא, ווי איך זעה, מוז איך מיט אייך ריידען אָפען. עס קומען צו מיר אריין מיידלאך און יונגע לייט און . . . איהר פערשטעהט נאָך אלץ ניט ? איהר קריגט פינף דאָלאר יעדע וואָך פאר וויסען דאָס און שווייגען.

מיסעס דראבקין האָט זיך א כאַפּ געטהאָן פון׳ם שטול מיט א פלאַמענדיגען פנים און זי האָט אזש פערבראָכען די הענד.

— מיסעס גוטמאַן — האָט זי ארויסגעשפּצעט—איהר ? ! אָי, א וועהטאָג איז מיר, איך וואָלט זיך גיכער געריכט א מיתה משונה אויף זיך אליין. שטייטש, אזא פרומע אידענע ! . . .

— זעהט איהר דאָך, ווי איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט : מען קען האָבען ניט קיין שעהנעם געשעפט און בלייבען א שעהנער מענש. וואָס טהוט מען ניט צוליעב חיונה ? אָט איך גיב אייך די ערשטע פינף דאָלאר . . .

— ניין, ניין — האָט זיך מיסעס דראבקין א כאַפּ געטהאָן — זאָל מיך גאָט אויסהיטען פון אזוינע געלד ! איך וויל ניט, איך וויל ניט אזא געלד ! . . .

— פארוואָס ? איהר גזל׳ט זיי דאָך חלילה ביי קיינעם ניט אוועק ?

— איך וויל ניט, איך וויל ניט . . .

— פארוואָס ניט, איהר נארישע אידענע, וואָס איהר זייט, א גדולה אויף אייך ?

— איך וויל ניט. איך האָב מורא . . .

— קיינער וועט דערפון ניט וויסען, דארף ניט וויסען, אייער אייגענער מאַן אויך ניט. פארוואָס זאָלט איהר נישט האָבען אייערע אייגענע פּאָאָר דאָלאר, זאָגט אליין, א גדולה אויף אייך ?

און זי האָט צו איהר אזוי לאנג גערעדט און איינגערעדט זי, ביז מיסעס דראבקין האָט זיך צום סוף מיישב געווען : „טאַקי נו, פיר זייערע עבירות וועט מען דאָך מיך ניט שמייסען !״ . . .

2.

און זי האָט אָנגעהייבען צו קריגען יעדען מאָנטאג איהרע פינף דאָלאר, ניט דערצעהלט איהר מאַן פון דעם און איז געוואָרען אן אָפּטע אריינגעהערקע צו מיסעס גוטמאַן, ווען קיין בעזוכער איז דאָרט ניט געווען. אמאָל האָט מיסעס גוטמאַן פיר איהר אויסגערעדט איהר זינדיג הארץ, גלויבענדיג, אז אזוי פערענטפערט זי זיך פיר גאָט. און אנאנדערסמאָל, ווען זי איז געזעסען דאָרט ביי א גלאָז טהעע און געשמועסט מיט מיסעס גוטמאַן, איז פלוצים צו איהר צוגעגאנגען פון הינטען דער שעהנער, שטארקער בעני, וועלכער איז נור־וואָס פון א צימער ארויס מיט מייביל, האָט זי גראָב אזוי א כאַפּ געטהאָן, ווי שווער זי איז ניט געווען, ביי דער טאַליע און זי א הייב געטהאָן אין דער־הויך. זי האָט געקוויטשטעט, געדרעהט זיך מיט איהר דיקען קערפּער אין זיינע ארעמס און געדריגעוועט מיט די פיס. מייביל האָט געקוקט אויף זיי, געלאכט און געשריען אויף ענגליש :

„בעני, האָב חתונה מיט איהר !" און מיסעס גוטמאַן האָט מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל גע־צופּט בעני'ן ביים אַרבעל און גערעדט געלאַ־סען : „לאָז זי צורוה, אַ גדולה אויף דיר, לאָז זי צורוה !"

און ווען ער האָט זי צום סוף פון זיינע הענד ארויסגעלאָזט, זיינען די האָאר ביי איהר צושאָ־טען געוועזען איבער'ן שטערן און איבער די פּער־שעהמט־שמייכלענדיג שוואַרצע אויגען, און דער פּנים האָט ביי איהר געברענט פלאַם־פייער, און זי האָט סאַפּענדיג ארויס־געערעדט, כמעט ארויס־געשעפּצעט : „ווי געזונד, אַ פייער אויף איהם !" . . .

דערנאָך איז זי גליך ארויסגעלאָפען.

דאן האָט בעני געזאָגט צו מיסעס גוט־מאַן :

— קען זיין אַ וואוילע סחורה. איך מיז זי טריף מאַכען.

— שור, שור, טהו דאָס, טהו דאָס ! — האָט מייביל אונטערגעכאַפּט אויף ענגליש און געלאַכט.

אָפּט איז זי נייגעריג געוואָרען און איז גע־שטאַנען נעבען איהר קעלער, צו זעהן, ווער עס געהט אהין . . . יונגע לייט זיינען אהין גע־גאַנגען, געזונטע, שטאַרקע, און איהר פאַנטאַזיע האָט זיך צוברענט, זעהענדיג, ווי זיי זיינען אהין אריין. און אין איהר הארצען האָט זיך עפּעס געוועקט, און מייביל האָט זיך איהר דאן פאַר־געשטעלט און בעני, און זי האָט געפיהלט ווי דאָס גאַנצע הויט האָט זיך אויף איהר אָנגע־צונדען . . . דאן האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטהאָן אין פּנים, דאָס ער האָט זיך מיט'ן רו־איז מיט אן אימפּעט אַריינגעלאָפען צו זיך אין דעם קעלער און האָט געכאַפּט זיך עפּעס טהאָן — קלאַפּען, האַקען, וואַשען, סקראָבען, געטהאָן עס מיט אַ מין רציחה . . .

און מאַנכעסמאָל אין אַזאַ צייט האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן אויף די הענד איהר צוויי יאָה־ריג עופּה'לע, וואָס האָט דאָרט אויף דער פּאָד־לאָגע אַליין זיך געשפּיעלט, און צוגעדריקט עס שטאַרק, שטאַרק צום הארצען און גערעדט צו דעם מיט אַ קאָבערדינען אָטהעם :

— וואָס דיר איז אין איין האָאר, אין איין נאָגעל, עופּה'לע מיינס, צו זייער קאָפּ, צו זייער לייב און לעבען ! . . .

אין דער זעלביגער צייט אָבער האָט זי געטראַכט וועגען איהר מאַן : „גוואַלד, ווי געל, ווי קראַנק ער איז !" . . .

מיט אַ חודש צוריק, ווען פון דער טהיר נומער 4 האָבען די שכנים ארויסגעצויגען, און אַלט פּאָאָר פּאָלק, האָט מיסעס גוטמאַן זיך אי־בערגעלעגט, אַז זי דאַרף ניט האָבען קיין פרעמ־דע פיר צו נאָהענטע שכנים און פאַרגעלעגט מי־סעס דראַבקין, זי זאָל אהין אריינציהען. רענט פיר די וואוינונג וועט זי, מיסעס גוטמאַן, צאָה־לען. אי דער מאַן ? וועט מען איהם קענען זאָגען, אַז דער לענדלאָרד גיט איהר אָפּ די וואוינונג אויף די זעלביגע קאָנדיציאָנען, ווי דעם קעלער, מחמת ער איז צופריעדען פון מי־סעס דראַבקין'ס ארבייט ; און דעם לענדלאָרד קען מען זאָגען, אַז ווייל דעם מאַן פערשאַרט די לופט אין דעם קעלער, האָט אַ רייכע קרובה איהר געהייסען נעהמען די רומס און זי וועט פיר זיי רענט צאָהלען.

מיסעס דראַבקין האָט זיך אָן דעם אָנגע־כאַפּט. אוודאי איז בעסער צו וואוינען אויבען, ווי אין דעם קעלער, בפרט נאָך, ווען זי וועט קענען דעם קעלער פערדינגען צו אַנאַנדערן און נעהמען דאָס געלד פיר זיך. דער מאַן האָט זיך מיט דעם דערפרעהט. די לופט אין'ם קע־לער הרג'עט איהם גאָר אַוועק. ער האָט דעם לענדלאָרד געבענשט און געהאָלפען זיין פרוי איבערציהען . . .

איצט, ווען זיי האָבען געוואוינט אַ טהיר געגען אַ טהיר, איז מיסעס דראַבקין נאָך אָפטער געוועזען ביי מיסעס גוטמאַן אין'ם הויז. און בעני איז נאָך געוועזען פרעכער מיט איהר און זי אַליין אויך דרייסטער מיט איהם. האָט זיך ניט גע־שעהמט שוין אַזוי, ווען ער איז גראָב צו איהר צוגעשטאַנען. פערקעהרט, עס האָט געשיינט, אַז זי האָט דערפון פערגעניגען געהאַט. נור פאַר־אַכטאָגען מאָנטאָג ביי־טאָג, באַלד נאָכדעם ווי זי האָט געקראָגען איהר געוועהנליכע פינף דאָ־לער, און בעני האָט זיך צו איהר אונטערגע־גנבעט און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהר, ווי אַ חיה, האָט זי פּאַר שרעק איהם אַזאַ פּלעם געטהאָן אין פּנים, דאָס ער האָט זיך מיט'ן רו־קען אַ זעץ געטהאָן אָן ד'רערד, די נאָז רויט און צובלוטיגט.

זי האָט מיט אַן אימפּעט די טהיר געעפענט און איז ארויסגעלאָפען. ער האָט זיך אויפגע־זעצט אויף ד'רערד, די גלאַנציגע שוואַרצע טשופּרינע אויף אַ זייט אַ שאָר געטהאָן און גע־שמייכעלט. ער האָט דערפיהלט אַ וואַרימע פייכטקייט אויף דער נאָז, האָט ער מיט די פינגער אַ וויש געטהאָן און דערזעהן אויף זיי בלוט.

— דאַט'ס רייט ! דאַט'ס רייט ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטעכיגען שמייכעל און זיינע אויגען האָבען אָנגענומען אַזאַ הארטען און ענט־שלאָסענעם אויסדרוק : — מיר וועלען שוין זעהן ! . . .

מייביל איז געפאַלען אויף די זאָפע, האָט זיך געקייקעלט, געלאַכט און געשריען :

— אָה, האָלי מאָזעס, דהאַט וואָז אַ גוד וואָן ! . . .

מיסעס גוטמאַן האָט גוטמוטהיג געשמיי־כעלט און זיך גערייצט מיט איהם :

— איך האָב דיר געזאָגט, האַ, אַז

וועסט פון איהר אַמאָל כאַפּען ? אַ גדולה אויף דיר, זי איז דאָך געזונטער פון דיר !

דאָ האָט ער זיך אויפגעהייבען, איין האַנד ביי דער נאָז און די צווייטע אויסגעשטעלט צו איהר :

— ווילסט זיך וועטען, אַז נאָך די וואָך מאַך איך זי טריף ? נו, וועט זיך, אין וואָס ?...

— איך וויל זיך ניט וועטען — האָט זי געענטפערט — און איך וויל זיך אין דעם ניט מישען. איך הייס דאָס דיר נישט טהאָן . . .

אין׳ם האַרצען אָבער האָט זי געוואָלט, אַז דאָס זאָל געשעהן : פרישע סחורה איז תמיד די בעסטע סחורה. אָבער זאָגען דאָס אָפען, האָט זי ניט געזאָגט, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז גאָט זאָל דאָס ניט דערהערען. בכלל האָט זי געוואָלט, אַז ער זאָל אַזוינע זאַכען טהאָן אָהן איהר, עפּעס איז דאַן די זינד געטהאָן געוועען פון אַנאַנדערן און ניט פון איהר...

אגב, האָט זי געוואוסט, אַז זי קען זיך אויף איהם פערלאָזען. ער איז געוועען איינער פון יענע נפשות, וואָס האָט זיך פיר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט. איז געוועען דאָס אונגליק פון זיינע עהרליכע טאַטע־מאַמע, אידיש־רוסישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען איהם אין דער סקול געלאָזט לערנען, אַ לייט פון איהם געוואָלט מאַכען און אַן אַנשטענדיגען אידען. זיי זיינען אָבער צופיעל פערנומען געוועען מיט דאגות פּרנסה אין דעם דאָזיגען פרעמדען לאַנד, אום צו קענען אַכטונג געבען אויף זייער „לויפער" בענעלע׳ן. און דערצו נאָך איז בענעלע, דער אַמעריקאַנער „באָי", באַלד אין גאַנצען ארויס פון דעם רשות פון זיינע אויביג־גרינע טאַטע־מאַמע. דער אירלענדישער און איטאַליענישער „לויפער", וואָס האָבען מיט איהם אין איין סקול געלערנט, זיינען איהם נעהענטער געוועען, ווי זיין טאַטע־מאַמע, די רוסישע אידען. איז ער געוואָרען מיט זיי איין חברה, אויף די „קאָרנערס" מיט זיי געשטאַנען, „פּייטס" מיט זיי בעזוכט, אין קוני־איילענד מיט זיי ארויסגעפאָהרען, אין טאַנץ־שוהלען מיט זיי געגאַנגען און ווען ער איז פון „פּאָבליק סקול" ארויס, האָט ער ערקלערט, אַז ער וויל מעהר זיך ניט לערנען. האָבען טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבען אַ קרעמעל אין אַ קעלער פון אַ טענעמענט־הויז געהאַט, איהם אין די קרעמעל אַריינגענומען, זאָל ער העלפען, צו די קונדען די בעשטעלטע גראָסערי זאַכען פונאַנדערטראָגען. דאַן איז ער איין שטונדע אין דער קרעמעל געשטאַנען און פינף — אויף די גאַסען מיט די „לויפערס". איצט האָט ער אָפּט אַ דאָלאַר פון דעם טיש־קעסטעל שטילערהייט ארויסגעגנב׳עט, האָבען די חברים איהם געלערנט, וואָס צו טהאָן מיט׳ן דאָלאַר — אין אַלערליי שלעכטע פּלעצער איהם געשלעפּט, און קאַרטען איהם געלערנט שפּיעלען. דאַן האָט ער אָפטער גענומען שלעפּען די דאָלאַר׳ס פון דעם טאַטענ׳ס ארעמען טיש־קעסטעל, ביז דער טאַטע האָט איהם אַמאָל ביי דער האַנד געכאַפּט און איהם אָנגעפּאַטשט.

ער איז דאַן געוועען אַ יאָהר אַכצעהן אַלט, שעהן, שטאַרק און שלאַנק. האָט ער געוויזען דעם גרינהאָרן דעם טאַטען, וואָס אַזאַ אַמעריקאַנער בן, וועלכער איז אַ בקי אין הלכות „פּייטען", קען טהאָן. ער האָט מיט איין זעץ שיעור אין גאַנצען ניט ארויסגעזעצט דעם טאַטען אַן אויג און איז אַנטלאָפען. דער טאַטע האָט אויפגעהויבען אַ גוואַלד. די מאַמע האָט גע׳חלש׳ט. מענשען זיינען זיך צונויפגעלאָפען. מען האָט דעם טאַטען איינגערעדט, ער זאָל דעם בן אַרעסטירען, נור דער בן איז ווי אין ד׳ערד אַריין. דאַן האָט ער אַ קורצע צייט געאַרבייט אין אַ שאַפּ ביים פּאַקען, דערווייל־ע זיך בעקאַנט מיט אַ מיידעל, איז געוואָרען איהר „בעשיצער" און צוגענומען ביי איהר דעם פּערדיענסט. האָט זיך שוין מעהר ניט גענויטיגט אין דעם שאַפּ, אין קיין אַרבייט. דורך דאָס מיידעל איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט אַנדערע מיידלאַך און זייערע „בעשיצער" און אַזוי ווי ער איז געוועען שעהן און שטאַרק און אויף זייער שטייגער מוטהיג—„מיר אַ טויט, דיר אַ טויט" איז ביי איהם אַלץ איינס געוועען — האָט ער גענומען שפּיעלען אַ ראָלע אין זיין נייעם קרייז. האָט מען גענדאַרפט איינעם צוברעכען לונג און לענד, צו גאָר אַוועקפּעקלען אין גאַנצען פון דער וועלט, איז ער אויף דעם געוועען איין בריה... די הענד האָבען איהם גוט געדיענט, אַניט איז אַ פּיסטאָל אויך רעכט געוועען, צי אַ „שטילער" מעסער. מיט מאַנכע פון די פּאָליסלייט איז ער געוועען אויסגעבונדען. די „מיידלאַך" זיינע האָבען איהם פערגעטערט און מאַנכער פון זיי איז זיין מורא׳דיגער שלאָגען ליעב געווען, אבי זי זאָל קענען זאָגען, אַז ער איז איהר „בעשיצער". ער האָט אַ מערקווירדיגען חוש געהאַט, צו וועלכער מיידעל עס לוינט זיך צוצוגעהן און צו וועלכער ניט. אַזוינע מיידלאַך, ווי די רויטע ברכה פון דער טהיר נומער 2, האָט ער גלייך דערשמעקט, ווי אַ געיעג־הונד אַ חיה. און קיינע פון זיי האָט זיך דערנאָך פון איהם ניט אַרויסגעדרעהט. איינמאָל האָט זי צו איהם געהערט, האָט ער שוין געוואוסט, ווי אַזוי צו מאַכען, זי זאָל צו אַנדערע אויך געהערען . . . ער איז געוועען איצט מיסעס גוטמאַן׳ס שותף אין צוויי „הייזלאַך", איינס דאָ און אַ צווייטעס אויף אַנאַנדער סטריט. און זייט ער איז אַ שותף געוואָרען, האָט ער כמעט יעדע צוויי חדשים פרישע „סחורה" אַריינגעבראַכט אין דעם געשעפט. נור איינע, וועלכע האָט איהם משוגע ליעב געהאַט, האָט זיך צו אַנדערע בשום אופן ניט געוואָלט אָפּגעבען — די קליינע רחל׳ע, אַ 16 יאָהריגע מיידעלע, אַ יתומה, וועלכע איז אַנטלאָפען פון איהר

פערהייראטער שוועסטער אין פילאדעלפיא. ער האָט זי אמאָל געטראָפען אין קוני־איילענד מיט אַ בעקאנטער מיידעל און זי אריינגעקראָגען. ער האָט זי געבראכט צו מיסעס גוטמאַן. זי אָבער האָט א י ה ם נור ליעב געהאַט, האָט ער זי געשלאָגען און וואָלט זי נאָך ערגער געשלאגען, ווען ניט מיסעס גוטמאַן. זי, וועלכע האָט געוואוסט, ווי זיך צו בעגעהן מיט אַזוינע נפשות נאָך פון דער היים, האָט אויף איהם אַ גרויסען איינפלוס געהאַט. און זי האָט איהם דאן געזאָגט: „ניין, בענעלע, אַ גדולה אויף דיר, שלאָגען איז גאָר קיין שכל ניט. אן עפּעל איז א סחורה, ווען עס איז שעהן, גאַנץ. א צושלאגען עפּעל איז גאָר קיין סחורה ניט“. און בעני האָט איהר טאַקי געפאָלגט און צום סוף מיט גוטען ביי דער קליינער רחל'ען אויסגעפיהרט, און ער האָט איהר דערנאָך אַוועקגעשיקט אין דעם צווייטען געשעפט.

קורץ, מיסעס גוטמאַן האָט זיך שוין געקענט פערלאָזען אויף איהר פּארטנער און ביי זיך אין'ם הארצען האָט זי גוט געוואוסט, אַז מיסעס דראבקין וועט סוף כל סוף פון איהם זיך ניט אַרויסדרעהן . . .

(פאָרטזעצונג קומט)

מ. זאַמעטקין

די אימיגראַציאָן און דער פּאָליטישער קאַמפּף

(א סאָציאַל־פּאָליטישע כאַראַקטעריסטיק)

.1

שוין זייט פיעלע יאָהרען האָבען די אמת־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען פון דער אַ ר ב י י ט ע ר בעוועגונג אַנערקענט די אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט פון דעם פּאָליטישען קאַמפּף אין אַלע זיינע פאָרמען. זאָגאַר די, וואָס האָבען דורך זייער קורצזיכטיגקייט ניט געקאָנט דערזעהען די דירעקטע רעוואָלוציאָנערע ווירקונג פון א פּאָליטישען קאמפּיין, האָבען אָבער אָהן דעבאַטען צוגעגעבען די אונדירעקטע אגיטאַטאָרישע און ערציהונגסבעדייטונג פון דער מינדליכער און שריפטליכער פּראפּאגאנדע, וואָס ווערט געמאַכט ביי די וואהלען.

אלס א פּראפּאגאנדא־מיטעל, אלס א מיטעל צו וועקען און צו בעפעסטיגען דאָס קלאַסען־בעוואוסטזיין פון דעם פּראלעטאַריאט, איז דער סאָציאַליסטישער קאמפּיין געוועזן פּעררעכענט אלס איינער פון די בעסטע.

אָבער דאָס איז ווייניג. ס'איז א קנאַפּע שמחה, ווען דער בעוואוסטזיניגער טייל פון פּראָלעטאריאט זעהט אין דעם קאמפּיין עטוואָס ניצליכעס. פיעל וויכטיגער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איינגעזעהן די דירעקטע, באַלדיגע עקאָנאָמישע נוצען, וואָס דער סאָציאַליסטישער קאמפּיין ברענגט דעם אַרבייטער; אָבער ווער זעהט עס דיזע נוצען? ווער בעמערקט דאָס דען, אז דער סאָציאַליסטישער קאמפּיין איז אין יעדען מאָמענט און אין יעדע מעהר אָדער ווייניגער וויכטיגע געזעלשאַפטליכע פראגע די הויפּט־וואפּע מיט וועלכע די סאָציאַליסטען בעשיצען די לוין־אַרבייטער, אפילו די רעאַקציאָנערע לוין־אַרבייטער, פון דעם באָס? — ניט פון דעם באָס פון דעם בעזונדערען שאַפּ, נאַטירליך; אויך ניט פון דעם אָרגאַניזירטען באָס פון א גאַנצער אינדוסטריע, ווי די באָסעס אַסאָסיאיישאָן פון די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס, צום ביישפּיעל; פאַר דיזע איז אויך דער סטרייק עפּעס א שטיקעל מיטעל — כאָטש זעהר א שוואַכער מיטעל. דער סאָציאַליסטישער קאמפּיין טהוט נאָך מעהר, ער האָט א פיעל ברייטערען פעלד: ער בעשיצט דעם אַרבייטער פון אַלע פאַכען געגען דעם באָס פון אַלע פאַכען; דאָס איז א קאַמפּף פון דעם גאַנצען אַרבייטער־פאָלק געגען דאָס גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם.

און אויף דיזען פעלד — אויף דיזען ברייטערען פעלד ניט פון פאַכען־קאַמפּף, נור פון קלאַסען־קאַמפּף, איז עס דער סאָציאַליסטישער קאמפּיין די הויפּט־וואַפע, וואָס בעשיצט היינטיגע צייטען דעם לוין־שקלאַף געגען די שקלאַפען־טרייבער. אָבער ווי גרויס זיינען עס די נוצען, וואָס דער לוין־אַרבייטער קאָן אויסקעמפּפען שוין היינט, שוין איצט?

און דאָ קומען מיר צו איינע פון די זאָנדערבאַרסטע, צו איינע פון די אונערוואַרטעטסטע, — דאָך נאַטירליכע, — ערשיינונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער מאַסע, ווי אויך פון דעם איינצעלנעם מענשען.

פרעגט יעדען איינעם, וואָס ערוואַרטעט ער, וועט ארויסקומען, אז מ׳וועט נעהמען דאָס קליינינקע, דעליקאַטע שערעלע פון א דאַמסקען טואַלעט־טישעל און מ׳וועט מיט איהם געהן שערען שווערע, דיקע שטיקער בלעך, מיט וועלכע מ׳וויל דעקען א דאַך? מ׳דאַרף שוין גאָר ניט זיין קיין שלמה־המלך צו פערשטעהן, אז צו דיקע בלעך פאָדערט זיך א גרויסע, שטאַרקע שער. דורכצולעכערן פעלזען, אָדער די וואַנד פון א פעסטונג, אָדער די שטאָהלענע זייט פון א מעכטיגען קריעגס־שיף פאָדערען זיך ריעזיגע געצייג.

ווער ווייסט דאָס ניט?

ווער, אלזאָ, איז אזוי אונפראַקטיש ניט צו פערשטעהן, אז דער קלאַסען־קאַמפף, וועלכער איז פיעל־פיעל מאָל ברייטער, טיעפער, רעוואָלוציאָנערער און, פאָלגליך, אויך שווערער, ווי יעדער איינער בעזונדערער קאַמפף פון יעדען איינעם בעזונדערען פאַך אַרבייטער געגען בלויז זייערע אייגענע באָסעס פון זייער אייגענעם פאַך, — ווער, אלזאָ, איז דאָס אזוי נאַאיוו ניט צו פערשטעהן, אז צו דיזען קאַמפף פאָדערט זיך א ריעזיגע קראַפט מיט א ריעזיגע געצייג אין דער מעכטיגער האַנד? ווען אָבער אנשטאַט דעם ריעז, אנשטאַט דער גאַנצער אַרבייטער־מאַסע, דעם מעכטיגען פראָלעטאַריאַט, האָבען מיר נור אן אונבעדייטענדען פראַצענט, און ווען אנשטאַט די מעכטיגע טרייב־קראַפט, דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַסען־בעוואוסטזיין, האָבען מיר גאָר דעם שלעפעריגען קאָנסערוואַטיזמוס פון די פיור־און־סימפעל׳ניקעס, אונטערגעמיישט מיט די קליין־קרעמערישע דאָלאַר־זוכעניש פון פאַך־יוניאָניזמוס, און ווען אנשטאַט דעם ריעזען־שטאַרקען אונבעזיעגבאַרען פרינציפ פון פאָליטישער אקציאָן האָבען מיר ערשט א ניי־געבאָרענע, פיצענקע, נאָך אין וויעגעלע ליגענדע סאָציאַליסטישע קאַמפיין — טאָ וואָס קען מען דען דערפון ערוואַרטען אין דעם זינן פון פראַקטישע רעזולטאַטען? דאַכט זיך, יעדער מענש, וואָס איז ביים פולען פערשטאַנד, קאָן איינזעהען, אז מיט בלויז 900 טויזענד שטימען קאָן מען ניט אויפטהאָן דאָס, צו וואָס עס פאָדערט זיך העכער ווי זיעבען מיליאָן שטימען. יעדער איינער קאָן, דאַכט זיך, לייכט פערשטעהן אז מיט א קליינע, אונבעדייטענדע און דערפאַר אויך מאַכטלאָזע מינאָריטעט קאָן מען ניט אויפטהאָן דאָס, צו וואָס עס פאָדערט זיך ניט נור א מאַיאָריטעט — וועגען דעם איז שוין אָבגערעדט — זאָנדערן כאָטש א שטאַרקע, קאַמפפס־פעהיגע, אבוואָהל ניט צאָהלרייכע גרופע קלאַסען־בעוואוסטע פאָרשטעהער פון דעם פראָלעטאַריאַט!

און ווער נאָך דאַרף דאָס אזוי גוט פערשטעהן ווי דער קלאַסען־בעוואוסטער רעוואָלוציאָנער אליין?

לאָזט זיך אָבער אויס א זאָנדערבאַרע, פון ערשטען בליק זאָגאַר אונפערשטענדליכע, משונה׳דיגע ערשיינונג. פעריאָדיש — אָט עפעס אזוי ווי אן עפידעמיע — קומען אזעלכע קלאַסען־בעוואוסטע רעוואָלוציאָנערע געגנאָסען און — און לאָזען אראָפּ די נעז. דער פאָליטישער קאַמפיין האָט זיי ענטטוישט. מיט וואָס? דערמיט וואָס ער טהוט גאָרניט אויף.

טאַקע גאָרניט?

אה, ניין; דאָס ניט: זיין אַגיטאַטאָרישע ווירקונג איז נאַטירליך עפעס ווערטה; די אויפקלערונגס־אַרבייט האָט א בעדייטונג. אָבער... קיין דירעקטע נוצען — דאָלאַרס מיט סענטען, ברויט־און־פוטער, אַרבייטס־פערלייכטערונג — אי דאָס באַלד — דאָ, זעהט איהר, איז דער סאָציאַליסטישער קאַמפיין שוואַך — אָבער טאַקע שוואַ־א־אַ־ך!...

פאַרוואָס עפעס שוואַך?

און דער ניי־געבאָרענער, פרישער קלאַסען־בעוואוסטער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט גאַנצע צוויי קאַמפיינס, וועט אייך אויסרעכענען אַלץ וואָס איהר ווילט געגען זעלבסטשטענדיגע פראָלעטאַרישע פאָליטישע אקציאָן — זי איז שוין צו פאַרלאַמענטאַריש, צו פריעדליך, צו געזעצליך, אָדער שוין צו אונפאַרלאַמענטאַריש, צו אונקאָמפּראָמיסלעריש, צו אידעאַליסטיש, צו אונפראַקטיש און נאָך, און נאָך, אן נאָך ביז איבער׳ן קאָפּ אריבער.

אָבער, אז דאָס איז גאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבען נאָך קיין וואוטס ניט, וואָס דער אַרבייטער איז נאָך ניט קלאַסען־בעוואוסט און בינדט זיך אליין די הענד און פיס, שטימענדיג פאַר די קאַפּיטאַליסטישע פאַרטייען, אנשטאַט צו בינדען די באָסעס הענד און פיס, שטימענדיג פאַר דעם סאָציאַליזמוס — אין קורצען, אז די שוואַכע רעזולטאַטען, וואָס אונז ברענגט די סאָציאַליסטישע קאַמפיין היינט צו טאָג, קומען דערפון, וואָס מיר זיינען נאָך שוואַך, וואָס מיט א מנין פרומע־ווינ׳שע נעהמט מען מאָסקווע ניט איין — דיזער פשוט׳ער געדאַנק פאַלט אונזערע „רעוואָלוציאָנערע" „קלאַסען־בעוואוסטע" געגנאָסען ניט איין.

שעהנע „רעוואָלוציאָנערן"! וואונדערבאַרער „קלאַסען־בעוואוסטזיין"!

מיט וואָס־זשע ערקלערט זיך עס, וואָס דיזער רעאַקציאָנערער גייסט כאַפּט מיט א מאָל אָן אונזערע „רעוואָלוציאָנערען"? מיט וואָס־זשע ערקלערט זיך דיזע אונבעוואוסטזיניגקייט פון אונזערע „קלאַסען־בעוואוסטע"? דערמיט ערקלערט זיך דאָס, וועט איהר זאָגען, וואָס זיי זיינען ניט קיין רעוואָלוציאָנערען, וואָס זייער קלאַסען־בעוואוסטזיין איז בלויז א פראַזע. פרעג איך טאַקע: — וואָרום־זשע זיינען אונזערע „רעוואָלוציאָנערען" ניט קיין רעוואָלוציאָ־

נערען, און אונזערע „קלאַסען־בעוואוסטע“ זיי־
נען ניט קלאַסען־בעוואוסט?

ווי יעדער אַנדערער חלאת, שטאַמט אויך דיזע קרענק פון אונזער בעוועגונג ניט פון איין פּאָאַר טאַטע־מאַמע. פּיעל פּערשיעדענאַרטיג זיינען די אורזאַכען, וואָס שיקען אויף אונז אָן דיזע פּעריאָדישע עפּידעמיעס פון רויטען רעאַקציאָניזמוס, וואָס מאַכט געוואָלדען נאָך דער לעצטער מאָדע פון „רעוואָלוציאָן“. דיזער חלאת איז ניט נור קיין אַמעריקאַנער. די קרענק פון דעם ענטטוישטען רעוואָלוציאָנער, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון דעם פּאָליטישען קאַמפּף ניט צוליעב די פלייש־טעפּ פון טעמעני — פון דיזע לומפּען רעדען מיר גאַרניט — זאָנדערן צוליעב דעם, וואָס פאַר זיין „רעוואָלוציאָנערען“ טעמפּעראַמענט איז די פּאָליטישע אַקציאָן ניט היים גענוג — פון דיזער קרענק איז ניט לויז די אַרבייטער בעוועגונג אין אייראָפּאַ אויך.

זעלבסטפערשטענדליך, מוזען דערצו ברענגען צוויי פערשיעדענע סאָרטען אורזאַכען. איין סאָרט אורזאַכען — דאָס זיינען די אַלגעמיינע אורזאַכען פון דיזער קרענק, וואָס רופען זי אַרויס אין רוסלאַנד, פּונקט ווי אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד ווי אין ענגלאַנד אָדער אַמעריקאַ. וועגען דיזען סאָרט אורזאַכען וועלען מיר דאָ ניט רעדען. די טעמאַ איז צו גרויס און, ווען איהר ווילט, צו אַלגעמיין. דערצו פאָדערט זיך אַ בוך, ניט אַן אַרטיקעל.

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן פערשיעדענע לאָקאַלע אורזאַכען, וואָס רופען דיזע חלאת אַרויס אין יעדען בעזונדערען פאַל; דיזע לאָקאַלע אורזאַכען זיינען אַמאָל אַזוי גרויס און ברייט, אַז זיי פערכאַפּען אַ גאַנצע נאַציאָן, און דער נאָמען לאָקאַלע קומט זיי נור דערפאַר, וואָס זיי ווירקען נור ביי דיזער איינער נאַציאָן, און ביי קיין אַנדערער ניט.

אָט וועגען איינע פון דיזען סאָרט אורזאַכען וועלען מיר דאָ רעדען. מיר וועלען דאָ בעריהרען די אויסשליסליך־אַמעריקאַנער אורזאַכען, וואָס רופט ביי אונז אַרויס דיזען רויטען, רעוואָלוציאָנער־שפּרעכענדען רעאַקציאָניזמוס, דיזען גראָבער געגען זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע אַקציאָן פון דעם קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט. מיר מיינען דאָ די אימיגראַציאָן. מיר ווילען אויף איהר אַ קוק טהאָן פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער קאַמפּיין.

2.

אַז די אימיגראַציאָן שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין אַמעריקאַ — און בעזאָנדערס אין די פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקאַ — דאָס, דענקען מיר, דאַרף מען ניט גיהן בעווייזען. מיר דענקען אָבער אויך, אַז ניט יעדען איינעם איז קלאָר די פּראָפּאָרציאָן פון דיזער מאַסע איינוואַנדערענדע מענשהייט אין פערגלייך מיט די היגע געבאָרענע. לויט דעם לעצטען צענזוס פון 1910, איז פון די גאַנצע אַמעריקאַנער בעפעלקערונג פון כמעט 92 מיליאָן מענשען, געווען ווייסע — 81.731.957, שוואַרצע — 9.827.763, און די איבריגע זיינען געווען מענשען פון אַנדערע קאָלירען — אינדיאַנער, כינעזער, יאַפּאַנעזער און אַנדערע. פון דיזע מעהר ווי 81 מיליאָן ווייסע זיינען אין אַמעריקאַ געבאָרען געוואָרען מעהר ווי 68 מיליאָן, און איינגעוואַנדערטע זיינען דאָ געווען ביים לעצטען צענזוס פון 1910—13.345.545 נפשות. ד. ה., אַז ווען די היע־געבאָרענע ווייסע בעפעלקערונג איז ביי 83 מיט אַ האַלבען פּראָצענט, בעטרעפען די איינגעוואַנדערטע ביז 16 מיט אַ דריטעל פּראָצענט. אָבער דיזער גרויסער טהייל אימיגראַנטען קריגט נאָך אַ גרעסערע בעדייטונג, ווען מיר פרעגען זיך די פאָלגענדע פראַגע: וואָס קומט צו מעהר פּראָפּאָרציאָנעל — אימיגראַנטען צי היע־געבאָרענע?

ווען מיר פערגלייכען די ציפערן פון דעם לעצטען צענזוס מיט די ציפערן פון 1900, געפינען מיר פאָלגענדע אינטערעסאַנטע צאָהלען:

יאָהר	אַלע ווייסע	היע־געבאָרענע	איינגעוואַנד.
1900	66.809.196	56.595.379	10.213.817
1910	81.731.957	68.386.412	13.345.545
אין דער צייט זיינען צוגעקומען:	14.922.671	11.791.033	3.131.728

אויסרעכענענדיג דאָס פּראָפּאָרציאָנעל, אויף פּראָצענטען, האָבען מיר, אַז אַרום־און־אַרום איז אין דער צייט פון 1900 ביז 1910 דער צוואוואוקס פון אַלע ווייסע געווען ביי אַ 22% מיט אַ דריטעל; דערפון זיינען די היע־געבאָרענע צוגעקומען אין אַ קלענערען פּראָצענט — בלויז 20 מיט פיער פינפטעל פּראָצענט, און די איינגעוואַנדערטע ווייסע בעפעלקערונג איז געוואַקסען מעהר ווי אויף 30 מיט אַ האַלבען פּראָצענט. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אין פערלויף פון די לעצטע צעהן יאָהר וואַקסט די אימיגראַציאָן שנעלער ווי די היע־געבאָרענע בעפעלקערונג — כמעט אַנדערטהאַלבען מאָל אַזוי שנעל.

אינטערעסאַנט נאָך אַ בליק צו טהאָן אויף די פאָלגענדע טאַבעלע:

יאָהר	היע־געבאָרענע	איינגעוואַנדערטע
1910	83.7%	16.3%
1900	84.7%	15.3%
1890	83.4%	16.6%
1880	84.9%	15.1%
1870	83.6%	16.4%
1860	84.8%	15.2%

דאָס הייסט, אַז אין פערלויף פון די לעצטע פופציג יאָהר, איז דער איינגעוואַנדערטער טהייל פון דער בעפעלקערונג געווען כמעט אימער אַ זעקסטעל — פאַר יעדע זעקס היע־געבאָרענע איז איינער אַן אימיגראַנט.

ס'איז, אַלזאָ, לייכט צו בעגרייפען, אַז אַזאַ גרויסער טהייל פרעמדע, פרישע איינגעוואַנדערטע, מוז האָבען אַ גרויסע בעדייטונג אויף דעם גאַנצען לעבען פון דעם לאַנד. צווישען די וויכטיגע מדינות אין דער וועלט איז ניטאָ נאָך אַזאַ מדינה, ווי די פעראייניגטע שטאַאַטען, וואָס זאָל אין פערלויף פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט אין זיך ענטהאַלטען אַ גאַנצען זעקסטעל פרעמדע; מענשען פון פרעמדע לענדער, מיט פרעמדע געוואָהנהייטען.

דיזע גרויסע מאַסע מענשען, וואָס צעהלען זיך אין די מיליאָנען, מוזען פריהער פון אַלץ האָבען אַ געוואַלדיגע ווירקונג אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד. דאָס זיינען פריהער פון אַלץ מיליאָנען נייע מיילער, מיליאָנען פרישע קערפערס צום בעקליידען און בעשיכען, מיליאָנען פרעמדע וואָס פאָדערען אַ דאַך — דאָס איז אַלץ אַ חוץ די היע־געבאָרענע קינדער, אַ חוץ דעם היגען צוואַוואוקס פון דער בעפעלקערונג. פון דער צווייטער זייט זיינען דאָס — אויך אַ חוץ דעם היע־געבאָרענעם צוואַוואוקס פון דער בעפעלקערונג — אַזוי פיעל און אַזוי פיעל הונדערטער טויזענדער נייע „הענד“, וואָס דאַרפען אַרבייט: נייע קוועלען פון אינדוסטריע.

דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון דער מדינה מוז, אַלזאָ, שטאַרק בעאיינפלוסט ווערען פון דיזען שטענדיגען שטראָם איינוואַנדערער.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אַז דיזער מעכטיגער אימיגראַציאָנס־שטראָם האָט אויך אַ זעהר שטאַרקע ווירקונג אויף דעם מאָראַלען און אינטעלעקטואַלען לעבען פון דער מדינה.

און גראַד ניט נור אויף דעם גרונד פון דעם מאַרקסיסטישען פרינציפ, אַז אַ בעדייטענד געענדערטע עקאָנאָמישע אומגעבונג מוז אויך אַרויסרופען אַ בעדייטענדע ענדערונג אין די פסיכיק פון פאָלק — דער מאַרקסיזמוס שטעהט דאָ גאָר אין גאַנצען אויסער דער פראַגע. וועגען אַ געענדערטער עקאָנאָמישער אומגעבונג וואָלטען מיר גערעדט, אַלס מאַרקסיסטען, נור אין אַ פאַל, ווען די ענדערונג וואָלט געווען אין דער סיסטעם, אין דער סאָציאַלער אָרדנונג, אין די פערהעלטניסע צווישען די הערשענדע קלאַסען און די בעהערשטע קלאַסען, אָבער ניט נור אין דער גרויס, אָדער ברייט פון דערזעלבער סיסטעם. דער אימיגראַנט ענדערט ניט די פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמישע פרינציפען פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפטס־סיסטעם. אַמעריקאַ בלייבט דיזעלבע קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקאַ, צי איהרע אימיגראַנטען זיינען 16 פראָצענט, צי נור אַ זעכצעהנטעל פראָצענט פון דער בעפעלקערונג.

אויב דער מאַרקסיזמוס האָט דאָ יאָ עפּעס אַ שייכות, איז דאָס אין אַ פיעל טיעפערען, ווייט אונטער דער אויבערפלעכע פערבעהאַלטענעם זינן. און דאָס געהט אונז דאָ גראַד ניט אָן.

וואָס מיר ווילען אייגענטליך דאָ יאָ אָנדייטען, איז דער אַלגעמיין בעקאַנטער פאַקט, אַז דער אימיגראַנט ברענגט מיט זיך מיט ניט נור זיין ביסעל זאַכען, זאָנדערן אויך זיין ביסעל פסיכאָלאָגיע. אַן אַנטיסעמיט פון דער היים, ווערט ניט אויס אַנטיסעמיט גלייך ווי ער קומט נור אַרויס פון עליס־איילאַנד. דער גרויסער פאַנאַטיקער און גאָטס־פירכטיגער ווערט ניט קיין פריי־געזאָנענער גלייך ווי ער לערנט זיך אויס זאָגען „אָל־רייט“; און דער אונוויסענדער בלייבט דאָ ליידער נאָך אַ לאַנגע צייט — אַ מאָל יאָהרען לאַנג — דערזעלבער אונוויסענדער ווי געווען.

דאָסזעלבע אויך מיט דעם געבילדעטען, דעם פאָרטגעשריטענעם, דעם ראַדיקאַל פון אַלע מינים און פאַרבען.

דיזע אַריינגעוואַנדערטע מאַסע, אַלזאָ, ברענגט מיט זיך מיט איהרע פערשיעדענע בעגריפע.

פרעגט זיך, איז דאָ אַ מעגליכקייט בעשטימט אָנצוצייגען אויף די ווירקונג, וואָס דיזע פסיכיק פון די אָנקומענדע איינוואַנדערער קאָן האָבען און האָט אויף דעם מאָראַלען און אינטעלעקטואַלען לעבען פון דעם לאַנד? צווייטענס, איז דיזע ווירקונג ווירקליך עפּעס אַזאַ זאָנדערבאַרע, אָדער עפּעס אַזאַ בעזונדערע אין איהר כאַראַקטער, אַז צווישען איהר און די „אַמעריקאַנער“ איז טאַקע דאָ אַן אונטערשיעד, וואָס זאָל די ווערטה האָבען אונטערזוכט צו ווערען? און ווען יאָ, טאָ וואו אייגענטליך ליגט דיזער פסיכישער אונטערשיעד פון געפיהל און פערשטאַנד? און אין וועלכע ווינקעלעך פון דעם לאַנד לאָזט ער זיך פיהלען אַם מייסטען?

לאָמיר ענטפערען אויף דער לעצטער פראַגע צו ערשט.

אָנגענומען, אַז ס'איז דאָ אַזאַ וויכטיגער פסיכישער מאָמענט אין געפיהל און בעגריף, וואָס מאַכט אַ בעדייטענדען אונטערשיעד צווישען דעם „גרינעם“ און דעם היע־געבאָרענעם, טאָ אין וועלכע מקומות דאַרף זיך דיזער אונטערשיעד לאָזען פיהלען אַם מייסטען? (ליעבע לעזער, געדענקט, אַז דער שרייבער פון דיזע צייַלען איז אַליין אַ „גרינער“ — ניין, נאָך ערגער: — ניט ער שעמט זיך דערמיט, ניט ער שטאָלצירט דערמיט. פשוט, אין געוויסע זאַכען, איז דער וואָרט „גרינער“ פינקטליכער און שאַרפער ווי „איינוואַנדערער“ און „אימי־

גראַנט" — געברויך איך איהם בעסער; און דערצו איז דאָס נאָך א קירצערער וואָרט און אן איינפאַכערער). זעלבסטפערשטענדליך, אין די מקומות, וואו עס זיינען פאַראַן מעהר „גריי־נע". וועלכע מקומות זיינען זיי דאָס? אונז, „גרינע", דאַרף מען ניט געהן דערצעהלען, אז די גרעסטע טהייל פון די אימיגראַנטען בעזעצען זיך אין די גרויסע שטעדט. און גראַד אין די שטעדט וואָהין זיי פאָהרען אריין מיט'ן ערשטען קלאַפּ. מיר, „גרינע", ווייסען שוין צו גוט, ווי ביטער עס קומט אוים די ערשטע צייט זיך צו דערשלאָגען וואו צו פערדיענען דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט מיט דירה־געלד. אויף קיין רייזעקאָסטען צו פאָהרען אין די רעכ־טע געדיכטע אַמעריקאַ—האָבען מיר אפילו אין חלום אויך ניט. א חוץ דעם, אום צו פאָהרען בעזעצען זיך אין אן אַנדער שטאָדט, דאַרף מען א חוץ אויף א טיקעט, אויך האָבען א ביסעל לשון און אויך צו־וואָס צו פאָהרען. די שפּראַך איז טאַקע א קלייניגקייט, אָבער קאָנען עפּעס דאַרף מען דאָך פאָרט. א חוץ דעם צו־וואָס עפּעס פאָהרען? איז דאָ אַרבייט, דאַרף מען ניט פאָהרען; איז ניטאָ קיין אַרבייט — איז ניטאָ מיט וואָס צו פאָהרען: זיצט מען זיך אויפ'ן פּלאַץ. און אויב איין מאָל אין א יובל פאָהרט מען שוין יאָ ארוים, איז דאָס מייסטענס ווי פון א שאַף אין אן אַנדערען — דערזעלבער שוואַרץ־יאָהר; דיזעלבע שוואַרצע עקאָנאָמישע אומגעבונג ווי געווען.

(שלום קומט)

מ. ל. האַלפּערן

דער ערשטער פֿריהלינגס־טאָג

מיר געהן אויף גלאַטען שטיין, און קיינער וואַקעלט ניט.
מיר געהען ווי טענצערינס, מיט לייכטע גיפּע טריט.
און אונזער גרויסע זון גלאַנצט, גאָלדיג־בלאַנק און ברענט
אין פענסטער־גלאָז פון זיעבען־גאָרענדיגע ווענט;
און שיינט אויף פייער־גאַנקעס, קאָלדרעס, בלומען־טעפּ,
אויף ווינדלאך אויך, וואָס הענגען אויף די אייזען־טרעפּ,
און פלאַטערן, ווי פאָהנען שטאָלץ אין פריהלינגס־ווינד.
און ביי א פענסטער אויפ'ן ערשטע שטאָק—א מוטער,
נאַקעט נאָך כמעט, און אויפ'ן שויס א קינד,
וואָס האַלט איןביידע הענטלעך ברויט מיט פּוטער
און ציהט זיך מיט די ליפּ'לאך צו דער מוטער'ס מויל,
וואָס עפענט זיך און שיקט א געגעין לאַנג און פויל—
אלס ערשטען פריהלינגס־גרוס צו אונז, אין גאַס ארוים.
און דאַן, דו קוקסט זיך אום, און ס'נעמט א רגע בלויז,
און רוישענדיג פון ווייטען ווי א וואַסער־מיהל,
און מיט א שויב פון פאָרענט, קומט אן אויטאָמאָביל
און יאָגט זיך דורכ'ן גאַס און רעוועט ווילד און הויך,
און יאָגט פערביי און לאָזט נאָך זיך א וואָלקען רויך,
וואָס מישט זיך אוים מיט זון און שטויב און ציהט זיך לאַנג
און שעמערירט אין רעגענבויגען־פאַרבען —
און שענקט זיין געזאלין־גערוך מיט גרויס גענאָד
צו אונז, די לייט, וואָס לעבען אין דער גרויסער שטאָדט,
און זיינען (ווי דאקטוירים זאָגען) לונגען־קראַנק
און דאַרפען ריינע לופט אום לאַנגזאַמער צו שטאַרבען.
דערווייל שטעהט רוהיג אָנגעשפּאַרט ביים ראָג פון גאַס
די הענד אין קעשענע, און ווי א הערבסט־טאָג בלאַס,
א דאַרער יונגערמאַן מיט טרוימער־אויגען צוויי
און טראַכט א פריהלינגס־ליעד פון ליעבע און פון וועה
און שטילערהייט אין האַרץ ביי זיך בעשליעסט ער שוין
צו געהן און איינצוהאַנדלען פאַר זיין שעפּונגס־לוין
א העמד, א נייעם ראָק און ברוינע שיך א פּאָאר
און ביים צירולניק קירצען זיך די לאַנגע האָהר
און אויף א „קאַווע" וועט איהם אויך נאָך בלייבען,
און וועט דאָס ניט —
נו, וועט ער שוין במחילה מוזען שרייבען
נאָך א פריהלינגס־ליעד
פאַר איהר, דער גרויסער וועלט
וואָס גאַרט אזוי צו הערען פון א בלום וואָס בליהט
און פון א געלען פויגעלע וואָס טרעלט און טרעלט.

דר. א. גינזבורג

טוידט־שטראף אין תלמוד

די טויט־שטראף ווערט אנערקענט פון דער תורת משה פערשיעדענע פערברעכענס, ניט בלויז דאָס טויטען פון א מענשען במזיד, ווערען בעשטראָפט מיט דעם טויט. צווישען דיזע פערברעכענס געפינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אין ציוויליזירטע לענדער אין היינטיגע צייטען אין גאַנצען אונבעשטראָפבאַר, ווי פערשיעדענע פאָרמען פון זנות און בעסטיאַליטעט — פערברעכענס געגען דער אָנגענומענער מאָראַל — און פערברעכענס געגען דער אָנגענומענער רעליגיאָן, א „מסית ומדיח“. דער אידישער גאָט איז געווען דער הויפּט פון דעם אידישען שטאַאט, דער קעניג פון פאָלק, און ווען איינער האָט געזוכט צו פערפיהרען א יחיד אָדער א גאַנצע געמיינדע צו געהן דיענען אַן אַנדער גאָט, אן „עבודה־זרה“, איז דאָס אייגענטליך געווען א פערברעכען געגען דעם שטאַאט.

די בעשטראָפונגען ווערען מאָטיווירט ניט אלס א פערלאַנג פון נקמה־זייטענס דער געזעלשאַפט געגען דעם זינדיגען, נור ערסטענס, אלס מיטעל ווי אזוי זיך צו בעפרייען פון שעדליכע עלעמענטען (ובערת הרע מקרבך) און צווייטענס, אָבצושרעקען די צוקינפטיגע פערברעכער (למען ישמעו וייראו). דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו דיסקוטירען די פראַגע, אויב דיזע מיטלען זיינען גענוג פון אונזער ה י י נ ט י ג ע ן שטאַנדפונקט צו רעכטפערטיגען די טויט־שטראָף. די געזעלשאַפט קען געפינען מעהר מענשליכע מיטלען און וועגען, ווי אזוי צו מאַכען אונשעדליך די פערברעכער. עס איז נאָך אויך ניט בעוויזען געוואָרען, אז די טויט־שטראָף שרעקט אָב די פערברעכער. דאָס אָבער האָט ניט צו טהאָן מיט אונזער ענין. מיר האָבען דאָ בלויז געוואָלט פערבייגעהענדיג בעמערקען די טעאָריע פון בעשטראָפונג לויט תורת משה.

ווען מען זאָל פערגלייכען די מאזאאישע געזעצגעבונג מיט די געזעצגעבונגען פון די אַנדערע פעלקערשאַפטען אין יענער צייט, אפילו מיט די שפּעטערע געזעצגעבונגען פון די גריכען און אויך פון די רוימער, וועט זיין לייכט צו בעווייזען, אַז די ערשטע שטעהט מי־יודע־ווי העכער אין דעם זינען פון מענשליכקייט. אין דערזעלבער צייט מוז אָבער צוגעגעבען ווערען, אז די מאזאאישע געזעצגעבונג בנוגע צו בעשטראָפונגען איז ווייט פון אונזערע היינטיגע בעגריפע, זי איז פרימיטיוו. דאָס איז געווען די געזעצגעבונג פון דעם אידישען פאָלק, ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין א פערהעלטנים־מעסיג ניעדריגע מדרגה פון קולטור, אין א מעהר אָדער וועניגער פרימיטיווען צושטאַנד.

מיט דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דעם אידישען פאָלק אָבער, הויפּטזעכליך אין די צייטען פון דעם צווייטען בית־המקדש, איז פאָרגעקומען א געוואַלדיגע ענדערונג צום בעסערען און עדלערען אין די בעגריפע פון פאָלק בנוגע צו פערברעכען און בעשטראָפונג. אויסער דעם שטרענגען געפיהל פון יושר און גערעכטיגקייט, פון גלייכהייט פאַר'ן געזעץ פאַר אָרעם און רייך, איז אויך געוואָרען שטאַרק ענטוויקעלט דער ריין־מענשליכער געפיהל פון רחמנות. דאָס אַלטע געזעץ פון „אויג פאַר אויג“ און „צאָהן פאַר צאָהן“, מיט וועלכען די קריסטליכע וועלט וואַרפט אונז עד היום פאָר, איז שוין לאנג אויסגעטייטשט געוואָרען צו מיינען די ווערטה פון דער אויג אָדער דעם צאָהן. און ווען דער „נוצרי“ איז געקומען מיט „זיינע“ מענשען־פריינדליכע לעהרען, האָט ער אַלעס געפונען פאַרטיג. ניט איין איינציגער געדאַנק, כמעט ניט איין־איינציגער אויסדרוק, געפינט זיך אין זיין „דרשה אויפ'ן באַרג“, וואָס מען קען ניט געפינען אין די אידישע שריפטען. און אויב די קריסטליכע פעלקער זיינען אזוי וועניג בעאיינפלוסט געוואָרען פון דיזע לעהרען, נעהמט זיך עס אפשר טהיילווייז דערפון, וואָס דער „נוצרי“ און זיינע תלמידים האָבען געפּריידיגט די אבסטראַקטע לעהרען פון ליעבע און גערעכטיגקייט, אָהנע זיי צו פערקערפּערען אין געזעצע. פערוואַרפענדיג דעם אידישען געזעץ, זיינען זיינע אָנהענגער פון די היידנישע פעלקער געבליעבען ביי זייערע אַלטע אכזריות'דיגע געזעצע. די קריסטליכקייט איז ביי זיי געבליעבען בלויז א שעהנער געדאַנק, אן אבסטראקטע טעאָריע, אָהן פּראַקטישע אָנווענדונג דורך א פּאַסענדער געזעצגעבונג.

דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אָבער ניט

בענוגענט מיט דעם פּריידיגען אליין פון דיזע מענשען־פריינדליכע לעהרען, עס האָט געזוכט זיי דורכצופיהרען אזוי ווייט ווי מעגליך אין פּראַקטישען לעבען אויך. אם בעסטען האָט מען עס ארויסגעזעהן פון די געזעצע און דער געריכטליכער פּראָצעדורע, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען טויט־שטראָף, ווי דאָס ווערט איבערגעגעבען אין תלמוד.

איך זאָג, ווי דאָס ווערט א י ב ע ר ג ע ג ע ב ע ן אין תלמוד, ווייל דיזע געזעצע און פּראָצעדורע שטאַמען אָב פון א פריהערער צייט. אין די צייטען פון דעם תלמוד, האָבען שוין אידען ניט געקענט פיהרען קיינע פּראַצעסען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען טויט־שטראָף. שוין אפילו אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהרען פון צווייטען בית־המקדש, ווען דער רוימישער אָדלער האָט זיך מיט זיין גאַנצער מאַכט ארויפגעוואָרפען אויפ'ן צובלוטיגטען און אָבגעשוואַכטען אידישען פאָלק, האָבען די אידישע געריכטליכע אינסטיטוציאָנען ניט געהאַט מעהר צו זאָגען וועגען „דיני־נפשות". די דינים און די מנהגים, וואָס געפינען זיך אין דער משנה בנוגע צו דיני נפשות, זיינען אייגענטליך ניט מעהר ווי א ה י ס ט אָ ר י ש ע שילדערונג פון די פריהערדיגע צייטען, און זיי זיינען טאַקע געשריבען אין אזא פאָרמע. די תלמודיסטען גופא זיינען אוועק נאָך ווייטער, און האָבען בעהויפּטעט, אז א געריכט (בית־דין) וואָס האָט פּעראורטהיילט צום טויט איינמאָל אין זיבציג יאָהר, איז'א מערדערישער. ר' טרפון און ר' עקיבא האָבען געזאָגט, אז ווען זיי וואָלטען געווען דאָרטען (צווישען די סנהדרין), וואָלט עס קיינמאָל ניט פּאַסירט. זיי, הייסט עס, וואָלטען שוין געפונען א געזעצליכען דריידעל, ווי אזוי צו בעפרייען דעם פערברעכער.

די טויט־שטראָף איז טעאָרעטיש ניט אָבגעשאַפט געוואָרען, אויך די פאָרמען פון געריכטליכען טויטען זיינען ניט געענדערט געוואָרען, דאָס איז געווען אן אונמעגליכקייט. דאָס וואָלט געווען הייסען געגען תורת משה, געגען דער קאָנסטיטוציאָן. זיי האָבען זיך אָבער אזוי געקליגט אין שטעלען אזעלכע אונמעגליכע פאָדערונגען צו די עדות, צו די ריכטער א. ד. גל., אז טויט־שטראָף איז פּראַקטיש אונמעגליך געוואָרען. מיר וועלען דאָס דאָ איבערגעגעבען בקיצור:

די מנהדרין, יעדער פּראַצעס, ענד צו סס
די ס נ ה ד ר י ן. יעדער פּראַצעס, וואו עס האַנדעלט זיך אום טוט־שטראָף דאַרף פאָרגעבראַכט ווערען פאַר א געריכט (סנהדרין) פון דריי און צוואַנציג געלעהרטע.

זיי פלעגען זיין אויסגעזעצט אין א האַלבען צירקעל, דער פאָרזיצענדער אין מיטען, כדי זיי זאָלען זעהן איינער דעם אנדערען און אויך כדי זיי זאָלען בעסער קענען בעטראַכטען די עדות, ווען זיי האַלטען אין עדות זאָגען. דריי רייהען פון יונגע געלעהרטע פלעגען זיצען דערביי, יעדער אויף זיין אָרט, און לויט זיין מדרגה, כדי אויב די סנהדרין וועט זיך ניט קענען אייניגען און וועט ניט קענען האָבען די נויטיגע מאַיאָריטעט, זאָל מען האָבען גלייך נאָך ריכטער ביז איין און זיבציג. ביי די זייטען, איינער פון רעכטער זייט און איינער פון לינקער, פלעגען זיצען צוויי שרייבער, וואָס פלעגען פערשרייבען די ארגומענטען פון די, וואָס זיינען פאַר בעפרייאונג, און פון די, וואָס זיינען דאַגעגען.

דעם ערסטען וואָרט פלעגען קריגען די, וואָס זיינען געווען פאַר בעפרייאונג, ערסט נאָכדעם פלעגען קומען די בעשולדיגער, מיט דער האָפנונג טאָמער וועלען די לעצטע (די „מחייבין") ווערען איבערצייגט, הערענדיג די ארגומענטען פון די „מזכין". ווען איינער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג פאַר בעפרייאונג, האָט ער שוין ניט געקענט ווערען קיין בעשולדיגער; פערקעהרט, ווען איינער האָט זיך אויסגעדריקט פאַר בעשולדיגונג, האָט ער געקענט בייטען זיין מיינונג און אריבערגעהן צו די „מזכין".

אויב מען האָט איהם געפונען אונשולדיג, פלעגט מען דעם פסק ארויסגעבען דעמזעלבען טאָג; פערקעהרט, אויב מען האָט איהם געפונען שולדיג, פלעגט מען דאָס אָבלייגען אויף מאָרגען, כדי די סנהדרין זאָל האָבען צייט זיך איבערצולייגען און צו קריגען נייע בעווייזע.

ווען עס פלעגט קומען צום אויסהערען די מיינונגען, פלעגט מען אָנפאַנגען פון קלענערען אין ווירדע, וואָרום טאָמער וועט מען אָנפאַנגען פון גרעסערען, וועלכער קען זיין פיר בעשולדיגונג, וועט עס האָבען א צו שטאַרקען איינפלוס אויף די איבריגע ריכטער.

א מאַיאָריטעט פון איינעם איז גענוג צו געפינען פאַר אונשולדיג; מען מוז אָבער האָבען א מאַיאָריטעט פון צוויי צו ערקלערען פאַר שולדיג.

ניט אַלע מעגען זיין ריכטער. זיי מוזען זיין אָנשטענדיגע, געלעהרטע מענשען פון א גוטער פאַמיליע. אויב איינער האָט געהאַט אויף זיך א געלד־פּראַצעס און איז געפונען געוואָרען שולדיג, קען ער קיין ריכטער ניט זיין. צוויי ריכטער, וועלכע זיינען זיך שונאים איינער דעם אנדערען, טאָרען ניט זיצען אין דעמזעלבען געריכט, ווייל אויס שנאה קען איינער וועלען איבערשפּאַרען דעם אַנדערענס מיינונג.

די ריכטער מוזען זיין גוטע, בארמהערציגע מענשען. אן אכזר טאָר ניט זיין קיין ריכטער. אן אַלטער מאַן, וואָס האָט שוין פערגעסען דעם צער פון האָדעווען קינדער, אזעלכער וואָס קען קיין קינדער ניט האָבען,

אזא וואָס האָט ניט קיין קינדער, קען ניט זיין קיין ריכטער אין „דיני נפשות“.

די ע ד ו ת. אומשטענדס־בעווייזע ווערען ניט אַנערקענט. עס מוזען זיין ווענינגסטענס צוויי עדות, וואָס זאָלען האָבען אַליין געזעהן די טהאַט. עס איז אויך נויטיג, אז די עדות זאָלען דעם פערברעכער ו ו אַ ר נ ע ן (מתרה זיין), אז פאַר דעם פערברעכען קומט די טויט־שטראָף. אָהן אזאַ „התראה“ קען ער ניט פעראורטהיילט ווערען צום טויט. עס ווערט דערצעהלט א מעשה פון ר“ שמעון בן שטח (דער הויפּט פון די סנהדרין, וועלכער האָט געלעבט אין קעניג ינאי’ס צייטען), אז ער האָט אמאָל געזעהן, ווי איינער האָט ערמאָרדעט א צווייטען, ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט טהאָן דעם מערדער, ווייל מען מוז האָבען צוויי עדות.

ניט אַלע קענען זיין עדות: פרויען, מינדער־יעהריגע, שוואַכזיניגע קענען קיין עדות ניט זיין. אַלערליי נאָהענטע קרובים, סיי פון זיין צד, סיי פון דער ווייב’ס צד, זיינען פסול. ער אליין קען ניט ארויסטרעטען געגען זיך; אויף זיין אייגענעם ערקלערען זיך פאַר שולדיג, קען ער ניט פעראורטהיילט ווערען צום טויט, ווייל מען איז איהם חושד טאָמער וויל ער אויף אזאַ אופן בעגעהן זעלבסט־מאָרד. אויב די עדות זיינען קרובים איינע צו די אַנדערע, זיינען זיי פסול.

די עדות מוזען זיין עהרליכע, אנשטענדיגע מענשען. אויב איינער האָט געטהאָן אן עברה, וואָס קומט דערפאַר „מלקות“, איז ער פסול צום עדות. אויב עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז איינער האָט אמאָל געזאָגט פאַלש עדות אפילו אין געלד־זאַכען, איז ער פסול. אויב איינער ציהט חיונה פון קאָרטען־שפּיעלען אָדער עהנליכעס, איז ער פסול. אויב איינער גיט אָדער נעהמט געלד אויף פּראַצענט, איז ער פסול. מענשען וואָס האָבען צו־שטאַרק ליעב געלד אָדער וואָס האָבען זיך ארויסגעוויזען ניט עהרליך אין געלד־זאַכען זיינען פסול.

ווען דאָס געריכט (די סנהדרין) האָט זיך שוין געהאַט אָרגאַניזירט, פלעגט מען אריינרופען די עדות און זיי אָנפאַנגען איינצושרעקען. „איהר זאָלט וויסען זיין, אז איהר קענט זאָגען בלויז דאָס, וואָס איהר האָט אליין געזעהן. טאָמער זייט איהר זיך משער, טאָמער האָט איהר עס געהערט פון אן אַנדער עדות, טאָמער פערלאָזט איהר זיך, וואָס איהר האָט געהערט פון א בעגלויבטען מענשען, דאָס אַלעס איז ניט גילטיג. זייט וויסען, אז מיר וועלען דאָס אַלעס אויסגעפינען ביין קרייץ־פערהער. איהר דאַרפט וויסען, אז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען געלד־זאַכען, דאָ האַנדעלט זיך וועגען א מענשליכען לעבען. ניט בלויז זיין בלוט, נאָר דאָס בלוט פון די אַלע אונצעהליגע דורות וואָס קענען פון איהם ארויסקומען, וועט זיין אויף אייערע קעפּ. עס איז ניט בלויז דאָס לעבען פון אן איינצעלנעם מענשען, נור פון א גאַנצע וועלט“. אין דערזעלבער צייט ווערט זיי געזאָגט, אז זיי דאַרפען זיך ניט שרעקען, אויב זיי וועלען זאָגען דעם ריינעם אמת, און אז דאָס איז זייער פפליכט.

נאָך דיזער „איינשרעקונג“ פלעגט זיך אָנפאַנגען דער קרייץ־פערהער פון די עדות. דער קרייץ־פערהער איז געווען זעהר א שטרענגער, און וואָס שטרענגער ער איז געווען, אַלץ בעסער. מען פלעגט זיי אריינגעהמען איינעם נאָך דעם אַנדערען. מען פלעגט איהם פרעגען אין וועלכע שמיטה פון יובל, אין וועלכען יאָהר פון שמיטה, אין וועלכען חדש, אין וועלכען טאָג, אין וועלכער שטונדע, אין וועלכען אָרט; צי דערקענט איהר איהם, צי האָט איהר איהם געגעבען התראה וכדומה אַזעלכע פראַגען. די אויפגאַבע פון דיזע אַלע פראַגען איז געווען צו צוטומלען די עדות, אויב זיי זאָגען ליגען. אויב זיי האָבען זיך סותר געווען אין זייער עדות, איז דער בעשולדיגטער בעפרייט געוואָרען.

אויב זייער עדות האָט געשטימט אין אַלע איינצעלהייטען, פלעגען די ריכטער זיך אָנפאַנגען מתוכח זיין אין דעם סדר, ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט. דאָ איז בלויז כדאי צו בעמערקען, אז אויב אַלע האָבען איהם א י י נ ש ט י מ י ג געפונען פאַר שולדיג, האָט מען איהם ניט געקענט פעראורטהיילען צום טויט. דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט דאָך דער בעשולדיגטער ניט געהאַט קיין פערטהיידיגונג.

די ה י נ ר י כ ט ו נ ג. ווען דער פּראָצעס האָט זיך געענדיגט, און דער אָנגעקלאָגטער איז געפונען געוואָרען שולדיג, פלעגט מען איהם פיהרען צום הינריכטונגס־פּלאַץ, וועלכער איז געווען א געוויסע שטרעקע פון געריכטס־הויז. א מאַן מיט א פלאַג אין האַנד פלעגט שטעהן נעבען דעם געריכטס־הויז. ניט ווייט פון איהם אויף א שטרעקע, אז ער זאָל קענען זעהן דעם פּלאַץ, פלעגט שטעהן אָנגעגרייט א מאַן מיט א פערד. טאָמער האָט איינער פון די ריכטער געזאָגט, אז ער האָט א פערטיידיגונג פאַר דעם פעראורטהיילטען, פלעגט דער מאַן אויפהויבען די פלאַג און דער רייטער פלעגט לויפען צוריקברענגען דעם פעראורטהיילטען. און ניט בלויז ווען איינער פון די ריכטער, נור אפילו ווען דער פעראורטהיילטער גופא האָט געזאָגט, אז ער האָט פאַר זיך א פערטהיידיגונג, פלעגט מען איהם פיהרען צוריק אין געריכטס־הויז, וואו די ריכטער פלעגען איהם אויסהערען.

האָט מען אויסגעפונען, אז די פערטהיידיגונג איז בעגרינדעט, פלעגט מען איהם בעפרייען, ווען ניט פלעגט מען איהם פיהרען צו דער הינריכטונג. א העראָלד פלעגט לויפען פּאָראויס און אויסרופען: „יענער און יענער

געהט ווערן הינגעריכטעט, ווייל ער איז בע־גאַנגען יענעם און יענעמס פּערברעכען; וועער עס האָט וואָס צו זאָגן צו זיין גונסטען, זאָל קומען און זאָגן".

דער פּעראורטהיילטער פלעגט קריגען פריהער א כוס ווין אין וועלכען מען פלעגט אריינטהאָן אזא געווירץ (דראָג), וואָס זאָל איהם פערטויבען, כדי ער זאָל פערלירען דעם בעוואוסטזיין און זאָל ניט פיהלען די שמערצען. די ירושלים'ער פרויען פלעגען שוין דערמיט בעזאָרגען די אונגליקליכע.

די ריכטער האָבען ניט געטאָרט עסען אין דעם טאָג פון דער הינריכטונג. דאָס איז געווען אן אויסדרוק פון צער אויף דעם, וואָס מענשליכעס בלוט ווערט פערגאָסען. די תלמודיסטען האָבען אויסגעטייטשט דעם פסוק „לא תאכלו על הדם", איהר זאָלט ניט עסען, ווען מענשליכעס בלוט ווערט פערגאָסען.

דאָ האָבען מיר איבערגעגעבען אין גאַנץ קורצע שטריכען די געריכטליכע פּראָצעדורע ביי אידען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען טויט־שטראָף, ווי דאָס ווערט איבערגעגעבען אין תלמוד (סנהדרין און מכות). יעדער איינער קען זעהן, אז אונטער אזעלכע אומשטענדען איז די טויט־שטראָף געווען אונמעגליך. אויף אזא אופן וואָלט אָבער געמוזט אויסקומען, אז מערדער זאָלען אין גאַנצען בלייבען אונבעשטראָפט. דאָס האָבען די תלמודיסטען איינגעזעהן, און ס'איז דארום געמאַכט געוואָרען אן אויסנאַהמע אין בעצוג צו מערדער. אַלע אַנדערע פערברעכער, וועלכע עס פלעגט קומען די טויט־שטראָף, פלעגען אין גאַנצען ארויס פריי, אויב מען האָט ג ע ר י כ ט ל י ך ניט געקענט בעווייזען זייער שולד, לויט דעם דין נאָך. דעם מערדער אָבער, ווען מען האָט געוואוסט זיכער, אז ער איז בעגאַנגען דעם מאָרד, נור מען האָט עס ניט געקענט בעווייזען געריכטליך — מיט גענוגענדע צאָהל עדות און מיט התראה — פלעגט מען אריינזעצען אין תפיסה, וואו מען האָט איהם געהאַלטען אויף ברויט און וואסער (סנהדרין פ"א).

ביים ענדע וועלען מיר בלויז בעמערקען נאָך א פּאָאר געזעצע בנוגע צו טויט־שטראָף.

א משוגענעם קען מען ניט משפּט'ען.

ווען עטליכע מענשען האָבען אנטהייל גענומען אין א מאָרד, סיי אַלע אויף א מאָל, סיי איינער נאָך דעם אַנדערען, קען מען זיי ניט פעראורטהיילען צום טויט (סנהדרין ע"ח).

ווען איינער בעאיינפלוסט דעם אַנדערען צו בעגעהן אַ מאָרד, איז שולדיג דער, וואָס בעגעהט דעם מאָרד און ניט יענער, וואָס רעדט איהם צו.

מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער אידישער פּאַטריאָט, אום צו בעהויפּטען, אז די אידישע געזעצע וועגען טויט־שטראָף מיט צוויי און דריי און צוואַנציג יאָהרהונדערטע צוריק, זיינען געווען פיעל הומאַנער, פיעל מענשליכער, ווי די געזעצע פון די מייסטע ציוויליזירטע לענדער היינטיגען טאָג. אזא הינריכטונג פון פיער יונגע מענשען, ווי עס איז פאָרגעקומען לעצטען מאָנאַט אין אונזער שטאַאט ניו יאָרק, איז אבסאָלוט אונמעגליך לויט'ן תלמוד'ישען געזעץ.

און דאָך הייסט עס, אז מיר זיינען די אכזרים, די אָנהענגער פון „אויג פאַר אויג און צאָהן פאַר צאָהן" געזעץ.

דאָס איז די איראָניע פון דער היסטאָריע.

פריהלינג

מ. באַסין

ס'איז פריהלינג היינט:
קום, האַרציגע,
קום, ציטריגע און בייגיקע,
קום, בלאַסע און שוואַרץ־אויגיקע,
קום זינג צו מיר דיין יוגענד־ליעד,
און ציטער אויף מיין יעדען גליעד,
און ווירבעל אויף דאָס בלוט אין מיר...
קום, פריהסטע שוואַלב:
ס'איז פריהלינג היינט...

ס'איז פריהלינג היינט:
קום מאַך מיך רייך.
קום לעב מיך אויף און טויט מיך גלייך
און לעב מיך ווידער אויף צוריק.
קום רייץ מיין בלוט, קום גליה מיין בליק,
קום ווייז זיך נור און פליה צוריק
און ווידער קום, און ווידער פליה
צו ברוינגען גליק:
ס'איז פריהלינג היינט...

ס'איז פריהלינג היינט:
קום, בלומען־קינד,
קום לאָז מיך טרינקען פון דיין ווין,
און שכור מיין נשמה איין...
קום קוש מיין האַרץ, קום גלעט מיין קאָפּ,
און הער ווי ס'זעצט — ארויף, אראָפּ
מיין יונגעס, ווילד־פערליעבטעס האַרץ...
קום, טרוימען־קינד:
ס'איז פריהלינג היינט...

ס'איז פריהלינג היינט:
קום, זונען־קינד,
קום שליס זיך אין מיין ארעם איין,
און לאָז מיך גליהען אין דיין שיין.
קום רויב מיין האַרץ און פליה אוועק,
קום פיל מיך אָן מיט צווייפעל־שרעק,
קום זייג מיך אויס און וואַרף אוועק,
נור קום, נור קום!
ס'איז פריהלינג היינט...

שלום אַש

דער וועג צו זיך

(ראָמאַן)

(פאָרטזעצונג)

15 קאַפּיטעל.

אויף יענער זייט הרי יהודה, ביי די פיס פון א טאָל, געגענאיבער די אַלטע אידישע אוניווערזיטעטען־שטאדט יבנה — זיינען געשטאַנען אַ צעהן־צוועלף אידישע יונגע לייט, אויף אַ האַרט ווייס שטיק פעלד, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי צוזאַמענגעגאָסען פון איין שטיין, און האָבען צום ערשטען מאָל אויפגעהויבען די ערד העק און די שאָפלען אויף זייער פערלאָזטער היים. עס איז געווען איינער פון יענע הייסע טעג אין די טראָפּישע לענדער, וואו די זון צואוואַרימט די לופט ווי גליהענדע בליי, און קאָכט צונויף די ערד אין איינעם מיט דעם הימעל; און די ביינער פון דעם מענשען און טיערען ווערען לויז אין דעם קערפּער, און ווערען אונבעוועגליך. דאָך האָבען די יונגע לייט, וואָס זיינען גאָר נישט צוגעוואָהנט געווען צו דעם קלימאַט און צום ערשטען מאָל די העק אנשטאט זייערע פעדער בענוצט — דאָך האָבען די יונגע לייט, וואָס דער הייליגער אידעאַל צו בעלעבען צוריק זייער אַלטע היים האָט זיי דאָ אויף די פעלדער צונויפגעבראַכט, נישט געקוקט אויף די זון, וואָס האָט בעגאָסען זייערע לייבער ווי מיט ברענענדיגען בליי, און אויף די מיעדיגקייט, וואָס איז זיי בעפאַלען, נישט געפיהלט די ביסען פון די מיקען, וואָס האָבען געגרינצעלט זייער הויט — זיי האָבען געטהון זייער אַרבייט ווי אין עקסטאַז, ווי אין געבעט. — טהייל האָבען בשעת מעשה געקלעהרט וועגען דעם, אַז זייערע פיס געפינען זיך אויף דער ערד, וואָס איז אויסגעהייליגט געוואָרען אין דעם בענקעניש פון זייער פאָלק דורך טויזענדער יאָהרען, און ביי די סענטימענטאַלע צווישען זיי האָבען זיך געוויזען טרעהרען אין די אויגען פאַר פרייד, וואָס זיי האָבען זוכה געווען דערצו; די האַרטערע צווישען זיי האָבען פעריאָגט פון זיך יעדע ווייכקייט — געמאַכט זייערע הערצער האַרטער פון אַ שטיין, און געזאָגט זיך — זיי טהון נור אַ געוועהנליכע אַרבייט פון פויערים. — טייל האָבען געקוקט געגענאיבער, פון וואַנען עס ווייזען זיך די ווייסע הייזלעך, און גערעדט צו זיך אין דער שטיל, כדי זיי זאָלען נישט פערשעמט ווערען פאַר זייערע חברים פאַר דעם סענטימענט: „דריבען איז געווען יבנה“ . . . . טייל האָבען אין זייערע פאַנטאַזיעס, צואוואַרעמט אין דער זון, געזעהען אידישע חיילות דורכציהען אין די ווייסע אונענדליכקייט פון האריזאָנט, און זיי אַלע, סיי די ווייכע פון זיי, און סיי די האַרטע פון זיי — האָבען געהאַט יענעם געפיהל, וואָס קען נור האָבען אַ פאָלק, וואָס איז צוויי טויזענד יאָהר פערטריבען געווען פון זיין היים, — און דורך דער גאַנצער צייט ניט אָנגענומען קיין אַנדערע — נור אויסגעהייליגט זי, אין זיין בענקשאַפט, אין זיין אמונה — קומט דאָך ענדליך צוריק, און הייבט אויף צום ערשטען מאָל זיין האַק און זיין שאָפעל אויף זיין ערד — דאָס האָט זיי געגעבען די קראַפט. שוואַכע אידישע יונגע לייט צוזאַמענגעלאָפען פון די רוסישע „גראַמאַטיקעס“ דורכצוטראָגען די טראָפּישע היטץ — אויף דעם בעשטיינערטען פעלד. אָט וואָרום זיי האָבען יעצט געאַרבייט אין אַ צושטאַנד פון עקסטאַז — אין אַ פיבער־געפיהל.

וואָרום עס האָט זיך געהאַנדעלט אום דעם איבערצוצייגען די בעלי־בתים פון נייעם ישוב, אַז דער אידישער פועל איז אימשטאַנד אויסצוהאַלטען די קאָנקורענץ פון דעם ביליגען אַראַבישען אַרבייטער. נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבען אַ סך אידישע יונגע־לייט פערלאָזט די אוניווערזיטעטען, די גימנאַזיעס, זיינען אַראָב קיין ארץ־ישראל ווערען ערד־אַרבייטער. דער אינטעליגענטען־פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט ערשט וואָס נור פערלאָזט די רוסישע שוהל — האָבען זעהר ווייניג צוטרויען ערוועקט ביי די קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען אַמאָל אויך געווען אַזעלכע אידעאַליסטען און זיינען אויך דאָ אהער געקומען פון דער רוסישער שוהל נאָך די ערשטע פּאָגראָמען פון די אַכציגער יאָהרען. זיי האָבען שוין אָבער צייט געהאַט מיט דער הילף פון די פיעל אידישע שטיצעס בעלי־בתים צו ווערען פון זייערע שטיקלעך ערד, און זיי האָבען ליעבער געוואָלט אַרבייטען מיט דעם אַראַבישען אַרבייטער, וועלכער איז אויסהאַלטענדער,

צוגעפּאַסט צום קלימאַט, ביליגער און אַרבייטספעהיגער פאַר די אָט „אינטעליגענטלעך“, וועלכע דער סענטימענט האָט זיי אַראָבגעבראַכט קיין ארץ־ישראל, כאָטש מיט דעם האָבען זיי געשטעלט דעם גאַנצען ישוב, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַזוי פיעל מיה, אין געפאַהר. די אידישע יונגע לייט, וועלכע האָבען אַלעס אַוועקגעוואָרפען — פיעל דעם וואָהלשטאַנד פון זייערע עלטערן, פיעל זייערע שטודיעס, און געטריבען פון דעם אידעאַל צו בעזעטצען און בעלעבען זייער אַלטע היים — האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט פון איין קאָלאָניע אין דער צווייטער. מען האָט פעראַכטעט זייער סענטימענט — חוזק געמאַכט פון זייער קערפּערליכער שוואַכקייט — און בעטראַכט זיי פאַר פּוסטע לעדיג־געהער, וועלכע זיינען נור געקומען בעשווערען דעם „ישוב“. פיעל פון זיי ענטטוישט אין די הייליגסטע געפיהלען זייערע האָבען זיך מישב געווען, — זיינען ביי דער ערשטער געלעגענהייט אַנטלאָפען וואוהין זיי האָבען נור געקענט — טייל נאָך קאַירא — געשטעלט זיך דאָרט אַרבייטען, אָדער ווייטער זייער בילדונג ענדיגען, טייל קיין אַמעריקאַ. נור די שטאַרקערע פון זיי האָבען זיך דאָך אויפגעהאַלטען אין לאַנד — נישט געלאָזט זיך מיאש זיין — און ווי ווייט זיי האָבען געקענט געזעהען קריגען אַרבייט — און דוקא ביי דער ערד. געאַרבייט אונטער אוממענשליכע בעציהונגען. זיי האָבען געוואָלט ווייזען, אַז זיי זיינען נישט קיין ערגערע אַרבייטער פאַר די אַראַבער — האָבען זיי געזעהען מיט אַלע מעגליכקייט נאָך איבערצויאָגען די אַראַבער — הן אין ווינציגער נעהמען בעצאַהלט, הן אין גרעסערע לייסטונג, וואָס איז לויט זייערע פיזישע קרעפטען און לויט די אידישע בעדינגונגען, אונטער וועלכע זיי זיינען געוואוינט צו לעבען, נישט געווען לויט זייערע כוחות. דער ווילען צו בלייבען ביי דער ערד, דער אידעאַל האָט זיי געגעבען כח אַריבערצוטראָגען די אוממענשליכע בעדינגונגען, זיי האָבען נישט געוואָלט אָננעהמען קיין געזעלשאַפטליכע שטיצע, — ברידער האָבען געאַרבייט ביי ברידער און נישט געוואָלט עסען ביי זייער טיש פון זייער ברויט, נור אין איינעם מיט די אידישע אַרבייטער — אין זייער אַרבייטער קיך, כדי נישט צו ערוועקען קיין חשד אין זייערע כוחות.

און טאַקע פיעל פון זיי האָבען בעזייהט דאָס לאַנד פון זייער אידעאַל מיט זייערע ביינער — נישט קענענדיג איבערטראָגען די אוממענשליכע בעדינגונגען, אונטער וועלכע זיי האָבען געלעבט — נור די שטאַרקערע פון זיי האָבען עס דאָך איבערגעטראָגען — עס האָט זיי ערהאַלטען דער כח פון גלויבען, די בענקשאַפט נאָך דעם אידעאַל, מיט וועלכען זייער פאָלק האָט דאָס פערהייליגט דורך אַזוי פיעל יאָהר טויזענדער.

פון די אַרבייטער האָט מען געגרינדעט די ערשטע אידישע אַרבייטער קאָלאָניע אויף קאאפּאראטיווע יסודות — די פערוואַלטונג פון דער קאָלאָניע האָט מען איבערגעגעבען דעם אַגראָנאָם בלום. דאָס איז טאַקע אַ זוהן פון דעם ה׳ בלום, וועגען וועלכען מיר האָבען פריהער דערצעהלט, דאָס ביי זיינע שוועסטערן אין זאַקאָפּאַנע האָט זיך אויפגעהאַלטען מערי. דער ה׳ בלום, וועלכער איז אויפגעצויגען געוואָרען נישט אין דער אידישער טראַדיציאָן — האָט נישט געהאַט די אַלע סענטימענטען צו ארץ־ישראל, וועלכע עס האָבען געהאַט די אַלע יונגע לייט. צו ארץ־ישראל האָט איהם געבראַכט דאָס נאַטירליכע געפיהל — דער גלייכער וועג — וואָס פיהרט יעדען אַסימילירטען אידען, ווען ער פערלירט זיין אידעאַל אין דער אַסימילאַציע. אויפגעצויגען געוואָרען אין דעם פּוילישען גייסט, האָט ער פערלאָרען דעם פּוילישען פּאַטריאָטיזם און איז איבערגעגאַנגען צו זיך אַליין—צו אידען, האָט ער אַלער ערשטנעם געזוכט—עטוואָס אַזעלכעס ביי אידען וואָס אַנדערע נאַציאָנען האָבען — לאַנד — שפּראַך. און דער וועג איז געווען פאַר איהם קלאָר: לאַנד — ארץ־ישראל, און אַ שפּראַך — לשון־קודש, נור מען דאַרף דאָס לאַנד בעזעצען און די שפּראַך בעלעבען. ער האָט זיין אידעאַל דורכגעפיהרט ביז דעם קאָנסעקווענט, שטודירט אַגראַנאַם, און גענומען זיך לערנען לשון־קודש פון די מעטאָדעס. געענדיגט אַגראַנאָמיע—האָט ער אָנגעהויבען זיין אַרבייט ביי די אידישע קאָלאָניזאַציאָן־געזעלשאַפטען. זיין פּראַקטישער זין, און דאָס וואָס ער האָט נישט גערעדט וועגען סענטימענטען — נור וועגען דעם אידעאַל פון אַ אידישען פּויער, איבריגענס זיין אַבשטאַמונג, זיין אַסימילאַטאָרישער יחוס איז געפעלען, און מען האָט איהם איבערגעגעבען די פערוואַלטונג פון דער מוסטער־קאָלאָניע. זיין אידעאַל איז געווען אַ פּאַרטיגער, — אַ איבערגעזעצטער פון זיין פּוילענטום, ער האָט געוואָלט בעשאַפען אין ארץ־ישראל אַ אידישען פּויער — ווי די פּוילישע ערד האָט אַ פּוילישען פּויער. אין דעם האָט ער געזעהען די ישועה פון נייעם ישוב. און צו דעם האָט ער זיך גענומען אויסצופיהרען מיט זיין גאַנצער ענערגיע. דער עלעמענט אָבער, מיט וועלכען ער האָט געהאַט צו טהון איז געווען ווייניג מסוגל צו פערווירקליכען זיין אידעאַל פון אַ אידישען פּויער, ער וואָלט זיך געוואונשען צו אַרבייטען מיט פּראָסטע אידען: סעדער, פּישער, קבצנים— און פּוילישע אידען, וועלכע האָבען געלעבט אויף דעם פּוילישען דאָרף, און פון זיי בעשאַפען אַ אידישען פּויער. ער האָט איהם דעם טיפּ געזעהן קלאָהר, נור אַזעלכע זיינען נישט געפאָהרען קיין ארץ־ישראל. און פון דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער נישט געקענט שאַפען דעם טיפּ פון זיין אידעאַל. האָט ער פעראַכטעט זייער סענטימענט, זייער געבילדעטקייט, ער האָט דערינען געזעהען אַ מניעה דעם

אידעאל. ניט מיט סענטימענט וועט מען בויען ארץ־ישראל, נור מיט ארבייטער, האט ער געשריען, אנרעדענדיג די יונגע לייט, אז זיי זאלען די שטיינער פון די פעלדער צונויפקלייבען. לאמיר מאכען א הערצעל־בארג, אזוי ווי די פאליאקען האבען א „קאסטיושקע בארג, הינטער קראקוי“ — האט ער גערופען צו די יונגע לייט. — נישט געלאזט רעדען קיין אנדער ווארט, אויסער לשון קודש, בעשטראפט פאר יעדען ווארט אידיש, וואס האט זיך ארויסגעכאפט פון אן ארבייטער, וועלכער איז נאך נישט צוגעוואוינט געווען צו דער שפראך. ווארום אזוי ווי דאס לאנד, אזוי די שפראך — האט ער עס געוואלט זעהען אין גאנצען אויסגעהאלטען. — ער האט געוואלט זעהען, אז אין זיין קאלאניע זאלען די „פויערים“ לעבען פויעריש—מיט פויערישער פרעהליכקייט און פויערישע טעניז, האט ער נאך דער ארבייט, אין שבת און יום־טוב, געלערנט די ארבייטער טאנצען רונד־טעניז, רקודליך און געזוכט ווערטער, וועלכע מען האט צוגעפאסט צו פוילישע פויערישע נגונים, ארום וועלכע מען האט געטאנצט. געקלעהרט דערפון צו געפינען אזא מין אידיש־פויערישע קליידונג. און אליין אנגעהויבען זיך צו קליידען אין ווייסע העמדער, ווי די אראבער. — זיין גליק איז געווען, אז זיינע פויערים יאגען זיך גוט אויף פערד — שיסען גוט — און זיינען שוין פלינקער אויף דעם פערד ווי די אראבער; פעראכטעט דעם, וועלכער לעזט א בוך, קיין אינטעליגענטען דארף מען נישט — פויערים דארף דאס לאנד.

.16

מ י ש ע.

צווישען די צוועלף יונגע לייט, וואס מיר האבען געטראפען אויפ'ן פעלד הינטער יבנה ארבייטען, האט זיך אויך געפונען מישע. שוין פיער חדשים ווי ער איז אין לאנד. און היינט איז ער צום ערשטען מאל געקומען צו דער ארבייט. ער האט זיך אויך, ווי די אנדערע יונגע לייט, געשטארקט זיך אויסצומעקען פון זיין הארץ יעדען סענטימענט און בעטראכט זיך פאר א איינפאכען ערד־ארבייטער. פון פאטער האט ער בעשטימט נישט מעהר קיין געלד צו נעהמען, און נור זיין אנגעוויזען אויף זיך אליין — ראחעל'ן האט ער איבערגעלאזט אין ירושלים. ער האט זיך דאך ניט געקענט איינהאלטען און אהין געפאהרען זעהען דעם כותל מערבי, דעם הר הבית, אין בעהאלטענהייט פון זיינע חברים, כדי זיי זאלען נישט לאכען פון איהם, אז ער איז אראב געקומען קיין ארץ־ישראל ווי די אלטע חלוקה אידען אויף „קבר אבות“. ראחעל האט זיך געזאלט צוגרייטען זיין א לעהרערין אין א העברעאישע פרעבעל־שוהל, דאס געלד וואס ער האט געהאט איבריג פון דער רייזע האט ער איבערגעלאזט איהר צום לעבען און צום לערנען.

און אליין איז ער אין די קאלאניעס ארום געוואלגערט זיך פון איין קאלאניע אין דער צווייטער מיט נאך חברים „פועלים“, געזוכט ארבייט, וואו מען האט זיי אויסגעלאכט צוליעב זייער „אידעאליזמוס“ און געהאלטען זיי אז זיי פארשווערען נאך דעם ישוב. א סך פון זיינע חברים האט ער געזעהן זיך מיאש זיין, פערלאזענדיג דאס לאנד מיט טרעהרען אין די אויגען—ער האט זיך אבער נישט מיאש געווען, אויסגעהאלטען הונגער און שפאט — ביז ענדליך איז איהם דאך געלונגען, נישט קוקענדיג אויף זיין קערפערליכע ארימקייט וואס האט איהם פיעל שמערץ און הארץ־שרעקען פערשאפט — אריינצוקומען אין די ארבייטער קאלאניע.

ער האט אבער געמאכט ביי זיך א שרעקליכע ענטדעקונג נאך פון דער ערשטער צייט וואס ער איז נור אראבגעקומען אין לאנד אריין — וועלכע ער שטארקט זיך מיט אלע מעגליכקייטען צו פערשטיקען אין זיך — זי רייסט זיך אבער ארויס און נאגט ווי א ווארום מיט יאוש זיין הארץ, אז דאס איז נישט דאס ארץ־ישראל, וואס ער האט געזעהען אין זיין קינדערשער פאנטאזיע, ווען ער האט געלערנט צום ערשטען מאל דאס חומש, — אויך נישט דאס שפעטערדיגע — דאס העלדישע ארץ־ישראל, פון וועלכען ער האט געטרוימט לעזענדיג שפעטער די אידישע געשיכטע, פלאוויוס, די מלחמה מיט די רוימער. אזוי גאר — נישט דאס ארץ־ישראל פון יענע ערשטע אידישע פיאנערען, וואס האבען נאך די אכטציגער־יאהרנדיגע פאגראמען אוועקגעווארפען זייערע אוניווערזיטעטען און שקאלעס, און זיינען אראבגעפאהרען אין א וויסט אונבעקאנט לאנד און געשטעלט זיך אין זומפען בעארבייטען זייער ערד, וואו די מעהרסטע פון זיי זיינען אומגעקומען אין פיעבער. יענעס ארץ־ישראל, דאס ריכטיגע, וואס ליעגט ביי איהם טיעף אין זיין הארץ, ביי יעדען אידישען קינד, ביי יעדען אידען, וואס האט נאך נישט אנגעוואהרען דעם אידעאל פון זיין פאלק, מוז זיין, ווי די לעגענדע זאגט, בעהאלטען מיט גאט אין הימעל, און ער וועט עס אראבשיקען דענסמאל, ווען משיח וועט קומען, און אידען וועלען אין זייער לאנד צוריקקעהרען. דאס ארץ ישראל פון היינט, וואס ער האט ערקענט, וואס ער זעהט זייט די צייט וואס ער געפינט זיך אין לאנד — האט גאר נישט צו טהון מיט זיין אידעאל, און מיט דעם אידעאל, דעם חלום און דער אמונה פון זיין פאלק. די מענשען פון נייעם ישוב זיינען אנגעלאפענע — פראסט פשוט'ע אידען, וואס האבען זיך אנגעכאפט אין זייער שטיקעל פעלד און ווילען מאכען דערפון געשעפט; די בעסערע פון זיי פערלאזען זיך שוין אויף זייערע כוחות און האבען שוין נישט קיין פרעטענזיעס צום פאלק ישראל, וואס מען האט זיי דא אהערגעזעטצט פערטריבען פון אידען; און די ערגערע פון זיי — האבען נאך פרע־

טעניזיעס און האלטען שטענדיג די האנד אויסגעשטרעקט, בעטענדיג נאך הילף. אפשר איז אמאל געווען צווישען זיי דער אידעאל, א געוויס איז ער געווען! — נור אבער דער אידעאליזם — אבער די אידעאליסטען זיינען אויסגעשטארבען, און די וואס זיינען איבערגעבליבען זיינען וואכענדיגע אידען, וועלכע זיינען גרייט צו פערקיפען זייערע נחלות, וועלכע איז אנגעקומען מיט אזוי פיעל מיה, און אזוי פיעל האפנונגען, פאר יעדערעם בעסערעם געשעפט. יעדענפאלס זייערע קינדער, וועלכע זיינען אויפגעצויגען געווארען אהן יעדער טראדיציאן — נור מיט דעם ביסעל לשון קודש, וואס זיי האבען געלערנט אויס די מעטאדעס, טהון שוין נישט דאס נארישקייט — און שענקען זיך שוין נישט אוועק כלל ישראל און ווערען נישט מעהר קיין ערדארבייטער צו בעזעטצען זייער לאנד. זיי שטודירען אין ביירוט, און זייער אידעאל איז צו ווערען א דאקטאר אין בריטיש־אינדיע, אדער אין פאריז, צו א לעהרער אין אליאנס איזראעליט. זייערע טעכטער זיטצען אין דער היים און שפיעלען פיאנא—ווארטענדיג אויף א חתן, א סובּיעקט פון קאירע — לעזען דערווייל די רוסישע זשורנאלען און זיינען קלאהר אין די רוסישע ליטעראַרישע פערהעלטניסען. יעדענפאלס נישט אין זייער לעבען, נישט אין זייערע פארמען, וואס זיי האבען געשאפען, זיינען זיי נישט עהנליך נישט צו יענע אידען, וואס האבען אמאל דא געלעבט אויף דער ערד; נישט צו די ביבעל אידען, נישט צו די העלדען־אידען פון די חשמונאים — פון די רעמער צייט — זיי האבען גאר נישט אין זיך עפעס אזעלכעס, וואס זיי זאלען זיך שוין האבען איינגעווארבען דא, אין דער לופט דא, וועלכע איז פול מיט דער עלעקטריציטעט פון אידישען בענקען און פון אידישעם אויסגעהייליגטעם רעליגיעזעם געפיהל. די ערד האט זיי נאך גאר נישט געגעבען, און זיי פיהרען א קלאגעדיג ארימעס לעבען פון אינטעליגענטען, וועלכע זייער מזל האט פערטראגען אין אנאנדער לאנד און צו אנאנדער פרנסה, און נישט דערפאר ווייל זיי זיינען ערגער פון אנדערע. און דאך האלטען זיך די מענשען פאר אידעאליסטען, פאר פיאנערען, וועלכע פערדינען דעם דאנק פון גאנצען פאלק פאר זייער הייליגע ארבייט. צי איז עס נישט דערפאר, וואס אונזער מארך איז געווארען אויסגעטריקענט דורך דער צייט פון לאנגען גלות, דורך דער צייט פון לאנגען קנעלען די „תורה", זייגען מיר געווארען אונשעפעריש, און מיר זיינען נישט מעהר אימשטאנד צו שאפען נייע פארמען, צוגעפאסט לויט אונזער גייסט און לויט אונזער טראדיציע. און אויך נישט צופאסענדיג אונזערע פארמען צו יענע, וועלכע זיינען אמאל געווען, פיהרען מיר אן אהנקאלירענדיג לעבען פון צונויפ־געלאפענע „קאלאניסטען" אויף א וויסט פעלד אין א ווילדער אפריקאנער קאלאניע . . . ער האט געזוכט די נשמה פון זיין פאלק צווישען די אלטע אידען — דארט וואו עס האלט זיך נאך אויף דער רעזערוואואר פון די אלטע אידישע מדות, וואס ציהען אזוי לאנג זייער השפעה נאך דירעקט פון דער ביבעל, ווען עס האט געלעבט אויף זיין אייגענער ערד. ער האט אין געהיים פערלאזט די קאלאניע און איז געגאנגען קיין ירושלים, זיך אויפגעהאלטען אין די אלטע שוהלען — איינגעהערט זיך צו די שמועסען פון די אלטע אידען מיט די ווייסגראהע בערד. אויך צווישען זיי האט ער נישט געפיהלט יענעם הייליגען עקסטאז, יענעם הייליגע געפיהל, וואס עס לעבט צווישען די זייערעם פון זיין פאלק, בענקענדיג נאך די מלוכה פון יהוה. א, נישט געפיהלט האט ער דא צווישען די אלטע אידען דאס גרויסע געפיהל פון א בענקשאפט נאך משיח, נאך ירושלים, וואס לעבט צווישען די אלטע אידען אין גלות. דאס געשפרעך און דער אינטערעס איז דא ארומגעגאנגען ארום די חלוקה, ארום די מחלוקת'ען, ארום די קנאה און שנאה — און איבער זייער קליינעם טעגליכעם קלאגליכעם לעבען. א, ער האט געבענקט נאכ'ן גלות, נאך די אלטע שוהלען און בתי־מדרשים, וואו עס זיטצען די אלטע פרומע אידען מיט די מעשענע ברילען ביי מדרשים, און זייער טויזענד־יעהריגע וויינענדיגע שטימען זיינען דורכגעזאפט מיט בענקשאפט, ווען זיי פערצעהלען זיך די מעשיות וועגען מלך־משיח— א יענע אידען, וועלכע לעבען נאך דעם גייסט פון דער ביבעל; האט ער געבענקט נאך די אידישע יונגע לייט — דארט אין גלות — אין וועלכע עס האט זיך ערוועקט דאס גרויסע געפיהל פון בעלעבען דעם אידעאל פון זייער אלט פאלק, נישט א לאנד, און נישט א פאלק צו בעפרייען — נור א וועלט — און רייסען זיך אויף אלע פעלדער, דארט וואוהין די גערעכטיגקייט רופט זיי, שלאגען זיך אין אלע מלחמות, וואו ס'האנדעלט זיך אום אונטערדריקונג. דא אין ארץ־ישראל האט ער דערזעהן די גרויסע אידישע נשמה, וואס האט זיך ערוועקט אין דער יוגענד פון זיין אלט פאלק דארט אין דעם גלות, וואו אין זיי האט זיך בעלעבט צוריק דער אידעאל פון זייערע זיידעס, די נביאים, און זיי וועבען זיך אריין אין די פעדעם פון דער וועלט, אין דעם הארץ פון דער וועלט, און ברענגען אומעטום מיט מיט זיך די קערענדליך פון גערעכטיגקייט, פון אייביגער בעפרייאונג. דא אין ארץ ישראל האט ער דערהערט דאס קלאפען פון דער אידישער נשמה אין גלות, צווישען די פעלקער פון דער וועלט.

מיט שרעק האט ער ענטדעקט, אז די, וועלכע דערמאהנען איהם אין דעם לעבען פון זיינע עלטערען אויף דער ערד, זיינען גאר זיינע „שונאים" די אראבער. ער האט זיך מיט פלייס צוגעקוקט צו זייער לעבען, און דערזעהען אין זיי א לעבעדיגע אילוסטראציע צו דעם לעבען פון

די ביבעל העלדען. יעדער אַלטער, איינגעזעסענער אראַבער איז געגליכען אין זיין לעבען ווי צו אַ אברהם, און יעדער יונגער ווי צו אַ יעקב. זייערע טעכטער פּאַשען ווי רחל די שאָף און זאמעלן זיך צונויף מיט די פּאַסטוכער, מיט זייערע סטאַדעס אין די מיטאַג שעה ביים ברונען אין פעלד — קומט אָן א פרעמדער פּאַסטוך אַ יעקב — און פרעגט זיך אויף לבן זיין פעטער — און דערזעהט זיין טאָכטער רחל מיט די שעפּסען אָנקומענדיג פון פעלד, פערליעבט ער זיך אין איהר, נעהמט זיך אנטרינקען איהרע שעפּסען און פערצעהלט איהר, אז ער איז געקומען צו איהר פּאַטער און שטעלט זיך אַוועק דינען ביי איהר פאַטער פאַר איהר זיעבען יאָהר, וואָרום ער האָט זי ליעב און קיין געלד צו בעצאָהלען פאַר איהר האָט ער נישט. קויפט ער זי מיט זיין אַרבייט. אַ וויפיעל קנעכט, יונגע אראַבער, האָט ער געטראָפען אַרבייטען פאַר זייערע ווייבער. די אַלטע אַראַבער זיטצען פאַר די טהויערען פון זייערע געצעלטען, וואָס איז ביי זיי אין די ווייטע דערפער, די פרויען אַרבייטען מיט די אקסען פאר זיי, און זיי זיטצען ווי א אברהם און וואַרטען אָב אן אורח אין געצעלט איהם אריינצוברענגען. אָדער זיי זיטצען אין האלבען ראד אין פאַרנאכטליכען זונענשיין און דערצעהלען זיך מעשיות פון אַלי מיט זיין נביא מחמד — קומט אָן א פרעמדער דורך־רייזענדער מיט זיין ווייב און קעמעל, שטעלט זיך אָב ביים ברונען צו וואַרטען, ביז עס וועט איהם ווער אַהיים נעמען. קומט אן אַ אַלטער אַראַבער און בעט זיי אַהיים צו זיך אין זיין געצעלט און לאָזט זיי קיין שלעכטס נישט טהון, האלט זיך פעראַנטוואָרטליך פאַר זייער לעבען און זייער גוט, ווייל זיי זיינען געקומען הינטער דעם „שאטען פון זיין באַלקען“.

ביי זיי, ביי די ווילדע אַראַבער, מיט וועלכע די אידישע יונגע לייט האַלטען מלחמה, און זיי זיינען, און וועלען זיין דאָס גרעסטע אומגליק פאַר׳ן ישוב, אין זיי, אין זייער לעבען, אין זייערע פּאַרמען, אין זייער מאָראַל האָט ער געזעהן די פערקערפּערונג פון דעם לעבען פון די אבות, פון די אַלטע אידען, די בעשטענדיגע איינוואָהנער פון דער ערד, און צוגעקוקט זיך מיט פרייד און ליעבע צו זייער לעבען, צו זייער פיהרען, און געהערט פון זיי א געדוס, אן אַלטען גערוס פון דעם אמאָליגען אידישען לעבען, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אויף דער ערד.

אָבער ער האָט פערשטיקט דאָס געפיהל אין זיך, מיט אַלע מעגליכקייטען האָט נישט געוואָלט זעהען דאָס שעהנע ביי זיי. פערקעהרט, ער האָט געפּרואווט צו זעהען דאָס שעהנסטע אין דעם אידישען ישוב. און נאָכגעטאַנצט די רעדליך מיט די יונגע לייט, וואָס דער עקאָנאָם בלום האָט געלערנט — וועלענדיג זיך איינרעדען, אַז דאָס טאַנצען די בחורים אין ירושלים אין די גערטנער, זיי ווילען געפעלען די בתולות. געפּרופט פאַרגעסען זיין אייגען לעבען, זיינע געדאַנקען, זיינע ספקות, און געלאָזט זיך אַריינציהען אין דעם נייעם לעבען. מיט די אַרבייטער אין איינעם געוואָהנט אין די נייע הייזלעך, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אין די קאָלאָניעס. אַ מיט וויפיעל פרייד האָט ער בעמערקט ווי יעדען טאָג וואקסט זייער קאָלאָניע — קומען צו נאָך פיער איילען ערד אין ארץ־ישראל בעאַרבייט. — געגעסען אין איינעם מיט די פּועלים, בעמיהט זיך צו רעדען לשון־קודש, מיט התמדה און פרייד האָט ער זיך מאָרגענס אויפגעכאַפּט צו דער אַרבייט, דערמאָנענדיג זיך, אַז ער געפינט זיך אין ארץ־ישראל, און ער געהט בעאַרבייטען די אלטע אידישע ערד. און ער איז געשטאַנען אויפ׳ן פעלד, און די זון האָט געקאָכט זיין מאַרך און ביין, דער האמער האָט זיך צוגעקלעבט צו דער האנד, און די הויט איז איהם אָבגעקראָכען פון דער עלעקטרישער וואַרימקייט — האָט ער געקלערט וועגען דעם, וועמען האָט געקעהרט דאָס שטיק לאַנד, אויף וועלכען ער שטעהט יעצט. צו אידען? צום ערשט איז עס געווען פּלשתים־לאַנד, דוד המלך האָט עס געמוזט איינגעהמען — די חשמונאים — יוחנן האָט עס אַוועקגענומען אין איינעם מיט דעם יפ׳ער ברעג. ער האָט געזעהען די אידישע העלדען, וועלכע ציהען זיך איבער דעם שטיק לאַנד. און דאָרט דריבען איז יבנה געווען — די אַלטע אוניווערזיטעטען שטאָדט, וואָס דער תנא רבי יוחנן בן זכאי האָט זי אויסגעבעטען פון אספּסינוס, ווייל ער האָט איהם נביאות געזאָגט, אַז ער וועט קייסער ווערען, און געגרינדעט די יבנה׳ער ישיבה, וואָס האָט דערהאַלטען דאָס אידישקייט נאָכ׳ן חורבן, און דאָרטען איז אַזוי לאַנג דער נשיא געזעסען, און פון דאָרט איז די תורה אַרויסגעגאַנגען און פערשפּרייט זיך איבער אַלע לענדער, וואוהין אידען זיינען אַוועק. און איז ער אויפדערנאַכט אַהיים געקומען נאָך דער אַרבייט און געלעגען אויף ד׳ערד און געקוקט אין די גרויסע שטערן, וואָס זיטצען אין דעם הימעל אין ארץ־ישראל, און דערמאָנט זיך, אז די שטערן האָבען אמאָל געזעהען זיין פאָלק אויף דעם לאַנד פריי און שטאַרק — אַז דאָס איז דער הימעל איבער ארץ־ישראל — און ער ליעגט אויף דער ערד אויף וועלכער די טעכטער פון זיין פאָלק האָבען אמאָל פרייליכע ליעדער געזונגען, און די בחורים פון זיין פאָלק האָבען די שווערדען געשאַרפט מלחמה צו האַלטען פאַר זייער פרייהייט — און ער איז איינער פון די בויער, פון די בענייער פון דעם אַלטען לאַנד, איז ער גליקליך געווען. שטאָלץ געווען אויף זיין אַרבייט און געפיהלט זיך אָנגעבונדען אין די אַלטע דורות, אין דעם אַלטען, אין דעם אַלטען

לעבען, וואָס דאָ איז אַמאָל געווען אויף דער ערד, און דאָס נייע לעבען, דאָס צוקינפטיגע לעבען, וואָס וועבט זיך דאָ און וועט אַמאָל צו־ריק זיין דאָ אויף דער ערד.

.17

יום טוב אין דער קאָלאָניע.

אין דער קאָלאָניע איז געווען אַ גרויסע שמחה — מען האָט פּערענדיגט דעם ברונען. דריי חדשים האָט מען געגראָבען אין דער קאָ־לאָניע אַ ברונען פאַר דעם געלד, וואָס די „עזרה“ פון בערלין האָט געשיקט, און עס האָט זיך נישט געפונען קיין וואסער. זיי האָבען געהאַט גרויסע צרות מיט וואסער, וואָס זיי האָבען עס געבראַכט פון דער צווייטער אידי־שער קאָלאָניע — וועלכע איז געלעגען צווישען זיי און אַ אַראַבישעם דאָרף — און די טרעגער האָבען שטענדיג צרות געהאַט פון די אַראַבער. פּלוצים ווי די פּועלים זיינען געשטאַנען אויפ׳ן פעלד האָט מען זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז עס האָט זיך וואסער געוויזען. עס איז געוואָ־רען אַ גרויסע שמחה, זיי האָבען געוואָרפען די אַרבייט און געלאָפען אין די קאָלאָניע — זעהען דאָס וואונדער. און עס איז געוואָרען בעשטימט איבער דער געלעגענהייט צו מאַכען אַ קאָלאָ־ניע־יום־טוב. מען האָט דעם יום־טוב אָפּגע־לעגט, ווארום מען האָט געהאַט בעקומען די ידיעה, אַז אַ געוויסע אידישע געזעלשאַפט האַנדעלט דאָס דערמאָהנטע אַראַבישע דאָרף, וואָס ליעגט צווישען איין אידישער קאָלאָניע און דער צווייטער. דערנאָך איז טאַקע בעשטע־טיגט געוואָרען, אַז די ערד פון דעם אַראַבישען דאָרף געהט איבער צום „נאַציאָנאַל פאָנד“ און די צוויי אידישע קאָלאָניעס געגעהנען זיך איי־נע צו דער צווייטער. דעם יום־טוב האָט מען געזאָלט פייערען מיט גרויס פרייד, די פּועלים האָבען זיך געלערנט מאַכען קונצען אויף די פערד, כדי צו בעווייזען דאָס, ווארום אַ סך מענשען האָבען זיך געזאָלט צוזאַמענקומען אין דער קאָלאָניע צום יום־טוב. דער אגראנאם בלום האָט מיט זיי איינשטודירט נייע נגונים׳־ליך צוגעפּאַסט צו ליעדער. אָבער די פּועלים אַליין, וואָס צוליעב זיי דאָס האָט געזאָלט זיין דער יום־טוב, זיי זיינען גאָר נישט געווען אַזוי זעהר יום־טוב׳דיג געשטימט. עס זיינען מעהרסטענס געווען יונגע לייט, — וואָס האָבען דורכגעמאַכט דאָס זעלבע לעבען, וואָס מישע, און זיינען אַראָב קיין ארץ־ישראל בענקענדיג נאָך אַ אידישע פאָרם, מיט דאַרשטיגע נשמות צו זוכען דאָ אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם גרויסען אידישען לעבען, מיט דעם אַלטען אידישען לע־בען, וואָס האָט זיך אַמאָל דאָ אָבגעשפּיעלט. זיי האָבען געוואָלט הערען אין ארץ־ישראל דאָס קלאַפּען פון דער נשמה, פון דער אידישער אמונה — דורך זיין גאַנצע עווינקייט. נישט געזעטיגט זייער בענקשאַפט דורך די נייע פאָר־מען, וואָס מען פיהרט דאָ איין, זיינען מעהר־סטען געבליבען קאַלט צו דעם נייעם לעבען, וואָס האָט זיך דאָ געשאַפען, סקעפּטיש גע־שטימט און מיט חשד געקוקט אויף אַלעס. ווארום זיי האָבען נישט געוואוסט, די ארימע, אַז זיי זיינען אַראָב געקומען דאָ אין דעם ישוב נישט צו דעם ארץ־ישראל, וואָס זיי האָבען גע־טראָגען אין זייער הארץ — נור אין אַ ווילד־פרעמדע — אונפאָרמ׳דיגע לאַנד אריין. נישט דאָס ארץ־ישראל קען זיי עפּעס געבען, נור זיי קענען ארץ־ישראל געבען פון די איבער־געפיהלטע פאַנטאַזיעס, ביינקונג און חלומות, וואָס זיי טראָגען אין זייער הארץ. מעהרסטען זיינען עס געווען די יונגע לייט, וואָס האָבען שוין אונטער זיך געהאַט אַ צובראָכען לעבען. טייל פערלוירען זייערע האָפנונגען אין דער רו־סישער רעוואָלוציע, טייל ערוואַכט צו נייע לע־בען, האָבען זיי געזוכט נייע פאָרמען — און זיי האָט דאָס ארץ־ישראל מיט די אויבערפלעכ־ליכע רקודים׳ליך און לשון־קודש רעדען נישט געקענט בעפרידיגען, זיי האָבען געזוכט דעם אידעאַל, דאָס בילד, נאָך וועלכען זיי האָבען געבענקט. דאס ארץ־ישראל האָט נאָר געקענט בעפרידיגען אויבערפלעכליכע, אָרימע נאַטורען, וואָס זיי האָבען מיט זיך גאָר נישט מיטגע־בראַכט. זייער הארץ איז געווען אַ לעדיגעס און דאָס גרינגע לעבען פון ארץ־ישראל האָט געקענט זיינע ערשטע איינדרוקען אנצייכנען אויף זיי. דורך דעם איז צווישען זיי און צווי־שען דעם אגראנאם בלום שטענדיגע מחלוקות געווען. ער האָט זיך געפרעהט אויף יעדען נייעם ליעדעל, וואָס מען האָט צוגעמאַכט, אויף יעדען נייעם טאַנץ, וואָס מען האָט ערפונדען, אויף יעדען געציעלטען שאָס, וואָס אַ פּועל האָט פון זיין פערד געטראָפען, אויף יעדעם לשון־קודש׳ע וואָרט וואָס מען האָט צוגעטראַכט צו אַ כלי, אויף יעדען אויסערן שאַפען, ווארום ער האָט געוואוסט, אַז נישט מיט דעם מאַטע־ריאַל פון בענקשאַפט און חלומות וועט ער קע־נען בויען זיין קאָלאָניע. און ער האָט זיי מיט אַן אמת פיינד געהאַט, זעהענדיג זייער סקעפּ־טעציזמוס: „איך ווייס נישט וואָס איהר האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, און איך וויל נישט וויסען פון אייערע חלומות און בענקענישען, וועלכע איהר שלעפּט מיט מיט זיך פון גלות, ווי אַ שווארצער שאַטען פון אַ שקלאַף. נישט מיט קיין חלומות און בענקשאַפטען וועט מען דאָ עפּעס בויען“ — האָט ער געשריען, — „נור מיט מעשים, מיט ווירקליכע טהאַטען — אָהן בענקענישען, וואָס איהר שלעפּט מיט פון גלות, פון אייער בית־המדרש“. און דאָס איז געווען זיין אויפריכטיגע איבערצייגונג.

דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבען מיט גרויס פּאראַד, עס זיינען אָנגעקומען די „חשובים“ פון יפו, מיט דעם גאַנצען שטאַב פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער באַנק, דעם „פאָנד“, די „אָפּיציאָזען“, ווי מען האָט זיי גערופען. עס זיינען אנגעקומען די שילער פון יפו'ער גימנאַזיע מיט זייערע לעהרער אין דער שפּיטץ, די קאָלאָניסטען פון די עלטערע קאָלאָניעס. די אידישע מיידלעך פון יפו — פון ראשון לציון, פון תקוה, אַלע האָבען גערעדט לשון קודש, — קיין אנדער וואָרט איז נישט געהערט געוואָרען. און די אַלטע שפּראַך פון הייליגע ספרים, וואָס איז נור געוואָהנט געווען בענוצט צו ווערען אין מויל פון גאָט, אָדער פון גרויסע נביאים אין פרומען עקסטאַז, אין הייליגע געבעטען, אין גרויסע פייערליכקייטען, איז פערשעמט און צוקאַליעטשעט געווען אין די מיילער, וועלכע האָבען זי בענוצט אין זייער טעגליכעס לעבען, צונויפגעמישט מיט אַ מבול — אסירישע, גריכישע און אייראָפּעאישע ווערטער. צוערשט האָבען די יונגע לייט פון די אנדערע קאָלאָניעס געוויזען גימנאַסטישע איבונגען, דערנאָך האָבען זיך די יונגע קאָלאָניסטען געלאָזט זיך יאָגען אויף די פערד. אָנגעטהון אין אראבישע אַבייעס מיט די ביקסען הינטען אָנגעבונדען האָבען די סעמיטישע געזיכטער, אָבגעברענט פון די זון, אויסגעזעהן ווי די עכטע קינדער פון דער וויסטע. זייער אַנבליק האָט אויף די אנוועזענדע אַרויסגערופען גרויס בעגייסטערונג — יעדער שאָס פון ביקס, יעדעס טאַפּען פון די פערדישע פּאַדקאַוועס, יעדע ציוניסטישע פאָהן אין אַ רייטער'ס האַנד האָט אַרויסגערופען בעגייסטערטע געשרייען פון קינדער און מענליכע מיילער. די בעגייסטערונג פון די פערזאַמעלטע איז געוואַקסען מיט יעדען שאָס פון ביקס, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלטע פאָלק ישראל בעפרייט זיך פון יאָך פון זיין תורה, וועלכע ער האָט געטראָגען דורך זיין בלוטיגען עוויגען וועג — בעפרייט צום לעבען, שרייט נאָך פאַרם! בענקט נאָך לעבען, וואָס האָט פערלוירען — און האָט נישט מעהר.

און אין איין ווינקעל זיינען געזעסען אייניגע יונגע לייט פון דער קאָלאָניע אויף דער שוועל פון דער שוהל, אונטער זיי אויך מישא, און צוגעקוקט זיך צום שפּיעל, און אַ שווערער יאוש האָט געדריקט זייער האַרץ: „דאָס איז אַלעס“, און איז עס דאָס, וואָס זיי האָבען געזוכט אין ארץ־ישראל? איז דאָס, וואָס וועט בעפרידיגען זייער נשמה? און וואָס וועט שוין זיין ווען די קאָלאָניע וועט געבויט ווערען, און מיר וועלען אַלע קענען פלוידערען דאָס לשון־קודש און שיסען פון די ביקסען און אָנטהון זיך אין אַראַבישע קליידער — וועט דערפון דאָס לאַנד געבויט ווערען? — און דאָס פאָלק? וואָס איז דאָס לאַנד אָהן דעם פאָלק? און דאָס פאָלק וועט זיטצען דאָרט אין גלות און צולויפען זיך איבער אַלע ימים, און אַלע לענדער, און אויפגעפרעסען ווערען צווישען די פעלקער פון דער וועלט. און וואו איז דאָס, וואָס זאָל אונז ממלא מקום זיין, וואָס אונזערע אבות האָבען געהאַט, דעם גלויבען, דעם אידעאַל פון משיח'ן? צוליעב דעם זיינען אידען אַזוי פיעל אויסגעשטאַנען און דורכגעטראָגען די פאָהן פון אידישקייט איבער אַלע פייערען פון גלות, אַז זיי זאָלען זי אַם סוף דערפיהרען צו דעם, אַז מיר וועלען עהנליך ווערען צו אַראַבער — לויפען אויף פערד בעסער פון זיי, און שוין קענען שיסען ווי זיי? האָט זיך צוליעב דעם געלוינט דאָס לאַנגע ליידען, וואָלט דאָך שוין גלייכער געווען, ווען אונזערע אבות וואָלטען באַלד ביי גלות היספּאַניע אָנגענומען דאָס קריסטליכע היספּאַניע, און מיר וואָלטען היינט געווען ניט עהנליך צו די ווילדע אַראַבער, נור עכטע אייראָפּעאישע הערצאָגען, היספּאַנישע דאַגען, אָדער נאָך פריהער נאָך די העלענישע קולטור, אָדער קריסטענטהום פון אַנפאַנג, און מיר וואָלטען געווען געפיהרט אייראָפּא דורך דער צייט, און מיר וואָלטען עס געגעבען דאָס פּנים אַנשטאַט אונזערע שלעכטע תלמידים די רעמישע העלענען. אויף יעדען אָרט, וואו עס שטעהט אַ קירך, וואָלט היינט אַ שוהל געשטאַנען און מיר וואָלטען געווען געפיהרט די וועלט. און ווען דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס נישט געטהון, האָט ניט אויסגעקליבען די הערשאַפט — נור די אונטערטעניגקייט — נישט די רויז פון דער וועלט, נור דעם דאָרן פון דער וועלט, איז עס געווען דערפאַר, ווייל די אַלע משיח'ן, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען, האָבען נישט בעפרידיגט דעם אידעאַל פון אידישען פאָלק. זיי האָבען נישט געזוכט די בעפרייאונג פון דער וועלט דורך דעם גוט'ס, דורך דער מאָראַל פון די נביאים, נור דורך דעם שווערד. אַז דאָס, וואָס מיר האָבען זיך נישט געפונען קיין רוה, קיין מקום מנוחה דורך אונזער לאַנגען גלות, איז עס דערפאַר, וואָס אונז האָט געטריבען די קללה אָדער די ברכה פון גאָט, נישט פריהער קיין רוה צו האָבען, ביז עס וועט נישט פערקערפּערט ווערען דער לעצטער אידעאַל — דאָס גוט'ס דורך דעם גוטען, די גערעכטיגקייט דורך דער גערעכטיגקייט, אַז דער שכר און עונש איז די מצוה און די עבירה אַליין. אַז מיר האָבען די מיסיע אויף זיך — אַזוי לאַנג פערשאָלטען צו זיין — ביז דער אידעאַל פון אונזערע נביאים, פון דער נשמה פון אונזער פאָלק וועט פערקערפּערט ווערען. זאָל מען דאָס איבערטראַגען, — דאָס לאַנגע ליידען און דאָס לאַנגע האָפען אויף אַ אידעאַל עהנליך צו זיין צו אַ ווילדען שטאַם פון אַראַבער, אָהן די פאָרם און אָהנע די יניקה צו שעפּען פון די אבות, פון דער ביבעל — אַראַבער צו זיין מיט

אייראָפּעאישע שלעכטע מידות, וואָס מיר האָבען זיך אנגעשעפּט אויף דעם גרויסען וועג פון גלות? נור נישט אַלע האָבען זיי געקלעהרט ווי מישע, עס זיינען געווען אזעלכע, וועלכע זיינען שוין מיעד געווען פון גלות און מיעד פון דער מיסיע פון אידישען פאָלק. זיי האָבען זיך געזאָגט, אַז שוין גענוג האָט דאָס אידישע פאָלק אויסגעשטאַנען צוליעב זיין „מיסיע". יעצט זאָל די „מיסיע" אַן אַנדערער אויף זיך נעהמען, און מיר וועלען אָנהויבען לעבען דאָס נאַטירליכע לעבען פון פּראָסטע מענשען, נישט קיין „קדושים". זיי האָבען דערזעהען אין אגראַנאַם בלום אַ משיח. טאַקע ער, וואָס האָט גאָר נישט אין זיך פון גלות, קיין מאָל נישט פערזוכט דעם טעם פון דער „מיסיע"; דער וואָס איז איבערגעגאַנגען פון אַן אַנדער סביבה צו אונז אין גאַנצען און איז אַ געזונדער, נאַטירליכער מענש, ער איז אימשטאַנד צו פיהרען אונז צום ברעג פון נאַטירליכען לעבען, פון פּראָסטע מענשען. ער האָט די נאַטירליכקייט אין זיך; ער הייבט אָן פון זיך, און דורך איהם קען עפּעס געשאַפען ווערען. אויף זיי ליעגט די קללה פון טראַדיציע, פון נאָכגעשלעפּטען שאַטען, זיי זיינען פעראורטיילט צו אייביגע בין־השמשות'דיגע פארנעבעלטע חלומות, ווי זייערע אבות אין די בתי־מדרשים. דאָס גרויסע גלות נעמט נקמה אין זיי, און זיי זיינען גאָר נישט בכח צו שאַפען, נור טאַקע אָט דער בלום, און ער דאַרף זיין אונזער וועג־פיהרער.

דאָס זיינען מעהרסטען געווען לעהרער פון די ארץ־ישראל קאָלאָניעס, וועלכע האָבען צוגעשאַפען די נייע העברעאישע ווערטער צו אַלע כלים און געברויכען, וואָס דאָס לעבען האָט ארויסגעפאָדערט. און די ווערטער וואָס זיי האָבען אויסגעקלעהרט האָט ה' בלום אָנגענומען ווי הייליג און אוועקגעפיהרט אין זיין קאָלאָניע — ער האָט דאָס אין איינעם מיט זיי צוגעפּאסט די זמר'ליך צו די רקודים. ביי זיי האָבען נאָך די נייע געפונענע ווערטער פון לשון־קודש, די רקודים'לעך, דאָס אַרט לעבען געקענט ארויסרופען ספקות בעהאַלטענע, אָבער ביי בלומען איז דאָס געווען אַ אנגענומענע זאַך — ער האָט נישט געהאַט קיין ספקות. עס איז ביי איהם געווען אָנגענומען, אַז דאָס, וואָס די יונגע לייט טראַכטען אויס, דאָס וועט דאָס פאָלק אָננעהמען. דאָס איז אַרבייט. ער אַרבייט אויף ד'רערד, זיי אויף דער שפּראַך. זיי האָבען בעוואונדערט זיין זיכערקייט און פעסטקייט, און איהם פערגעטערט, און אויך ווי ער פיינד געהאַט די אַלע יונגע לייטלעך מיט זייערע טרוימען און ספקות.

און ווי מישע מיט זיינע חברים זיטצען אויף דער שוועל פון דער שוהל און קוקען זיך איין מיט חוזק אויף די ליפען צום שפּיעל, געהן דורך די לעהרערלאַך, קוקען אויף זיי מיט פעראַכטונג און איינעח רופט זיך אָן: „הע, איהר חלומות מענשען, איהר אָרימעס ליכט פון גלות, וואָס זיצט איהר אזוי ווי אבלים, איז נישט ביי אונז היינט אַ שמחה? קאָלאָניסטען זענט איהר? בויער זענט איהר? אויף די קברי אבות געהט, קיין ירושלים פאָהרט, זעטצט זיך מיט די אַלטע אידען ביי דעם כותל־מערבי, אהין קלאָגען אויף חורבן בית־המקדש, און די הענדשטרעקט אוים נדבות צו בעטען, אָבער נישט דאָ קאָלאָניסטען צו זיין, דעם ישוב צו בויען, איהר זענט בלומען פון גלות און דאָרט קעהרט איהר אהין".

— „הע, איהר יונגער מאַן, נישט אַזוי ברייט דאָס מויל", שרייט מישע אוים, וועלכער האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטען —„מיינט נישט מיט אייערע רקודים'לעך קענט איהר בויען דעם ישוב, אייער שמחה איז ווי אָרימע לייט, וועלכע כאַפּען אַ ביין אויף אַ פרעמדע חתונה, אָבער אונטער אייער שמחה'דיג פּנים איז א בית־עולם אויף אייער הארץ".

דער עולם האָט געקוקט אויף מישע'ן פערוואונדערט, עס איז געוואָרען אַ בעוועגונג.

— „גלויבט איהר נישט אין דעם ישוב?"

— פרעגען איהם שטימען, און אין די אויגען ברענט צער און צאָרן.

— „אין ישוב וויים איך נישט. און וועט ער זיך נישט איינגעבען בין איך אויך נישט בהלות, ווייל איך גלויב אין די עוויגקייט פון ישראל".

— „אייערע ספקות האָט איהר געדאַרפט אין „גלות" לאָזען, ווען איהר זענט דאָ אהער געקומען. מיט קיין קראַנק הארץ געהט מען ניט אין קיין מלחמה אריין". שטילט איין דאָס מחלוקת איינער פון די יפו'ער חשובים.

— „דא דאַרף מען נישט קיין ווערטער, נור מעשים!" שרייט אַ צווייטער. — אַ קאָלאָניסט האָט נישט צו טראַכטען, נור צו אַרבייטען. האָט איהר ספקות, פאָהרט אין גלות און האַלט דרשות".

נור דאָ האָט זיך ה' בלום אָנגערופען, וועלכער איז אויך דאָרט געווען מיט די יונגע לייט: „איך וויים נישט, וואָס אייערע ספקות זיינען, איך האָב נישט אין אייערע ספרים געלערנט, איך בין טאַקע אַ גראָבער יונג, נור יעדעם שטיקעל וואָס ווערט דאָ געטהאָן בויט דאָס אידישע פאָלק. יעדער ברונען, און יעדע אייל ערד, וואָס ווערט דאָ בעאַרבייט, איז די צוקונפט פון אידישען פאָלק, אין דעם גלויב איך און דאָס איז מיין גלויבען און אויף דעם האָט מען מיר די קאָלאָניע איבערגעגעבען. ווער עס האָט ספקות קען די קאָלאָניע פערלאָזען" — זאָגט ה' בלום צו מישען ערענסט.

— „דערווייל בעאַרבייטען מיר די קאָלאָניע, איך וויים נאָך נישט וואָס עס וועט ארויסקו־

מען, נור איך און מיינע חברים בעארבייטען די ערד, מיר האָבען דאָס פעלד געריינינגט פון שטיינער, מיר האָבען די ערד בעארבייט און נישט פאר שכר, נור דערפאר ווייל מיר ליעבען דאָס, וואָס איז אונזער האָפנונג, און ארץ־ישראל איז דער אידעאל פון אלע אידען, און אונז צו יאָגען פון דאַנען האָט איהר קיין רעכט נישט, ווייל מיר ליעבען עס מעהר פון אייך" — שרייט מישע.

דער קריעג וואָלט זיך מיאוס געענדיגט, זיי האָבען נישט געוואָלט שטערען דעם יום־טוב, האָט זיך צום סוף אריינגעמישט דער מורשה פון יפו, וועלכער איז געוועזען דער פערוואַלטער פון דעם אייגענטום. ער האָט זיך ביז יעצט פון דער ווייטענס געהאַלטען און געוואָלט פער־הערען דאָס אונאנגענעהמע געשפרעך, צום סוף נישט געקענט מעהר, איז ער צוגעגאַנגען און געזאָגט מיט אַ שמייכעל: „ארץ ישראל קעהר צו אלע אידען, און דער יונגער מאַן האָט נישט אַזוי שלעכט געמיינט, ווי ער האָט געדענקט. עס האָט זיך איהם ארויסגעכאַפּט", — שמייכעלט דער ערענסטער מורשה אין דער באָרד אריין.

אויף דעם האָט זיך דער אינצידענט גע־ענדיגט, און דער עולם האָט זיך ווייטער גענו־מען צו דער שמחה, נור אויף מישען האָט מען פון דענסמאל אַן געקוקט אין דער קאָלאָניע און אין דעם גאַנצען נייען ישוב — ווי אויף אַן אפּיקורס.

(פאָרטזעצונג קומט)

מ. פּאַוולאָוויטש

האַלט עס ווירקליך בײַ אַ מלחמה צווישען רוסלאַנד און דײַטשלאַנד?

(די עקאָנאָמישע סבות פון דעם סכסוך)

1. אַ נייע מהומה אין אייראָפּאַ.

די לעצטע צייט זיינען די גע־מיטער אין אייראָפּאַ שטאַרק אויפגערודערט געוואָרען און דער באַראָמעטער פון איי־ראָפּאַ — די בערזע — האָט געצייגט אויף שטורם. עס האָבען ווידער אמאָל זיך גענומען ארומטראָגען קלאַנ־גען וועגען מלחמה. די ערשטע האָט געקלאַפּט טרעוואָגע די „קעלנישע צייטונג" און נאָך איהר האָבען פיעלע עסטרייכישע און דייטשע צייט־טונגען גענומען ברייגנען טענדענציעזע גע־פּאַרבטע ידיעות וועגען דעם, אַז די בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבען זיך שטאַרק פערשאַרפט, אַז פון ביידע זייטען גע־העען אַן פיבערישע פּאָרבערייטונגען. די העכסט־אָפיציעלע עסטרייכישע „מיליטערישע רונדשוי" האָט אָבגעדרוקט אַ נייעס, אַז אין רוסלאַנד געהען באַלד פאָרקומען פראָבע־מאָביליזאַציעס און אַז אויף זיי וועט זיך די רעגיערונג לאָזען קאָסטען ביז 105 מיליאָנען רובעל. און די „נייע פרייע פרעסע", וועלכע דריקט אויס גע־וועהנליך די שטימונג פון די ברייטסטע קריי־זען פון דער עסטרייכישער געזעלשאַפט, האָט אין אַ לייט־אַרטיקעל קאָמענטירט דאָס שטי־קעל נייעס אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

„אַ מאָביליזאַציע אין אָנהויב פריהלינג, ערשט נאָכ'ן שנעע, וואָס זאָל אָבקאָסטען הונ־דערטע מיליאָנען, דאָס איז אַן אמת'ער קריעגס־צוג. קיינער פון די שכנים קאָן זיך דערצו ניט פערהאַל־טען גלייכגילטיג. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז אויף אַ מיליטערישע שפּיעל, מאַנעווערס, זאָל מען זיך לאָזען קאָסטען 105 מיליאָן!".

נאָך שאַרפער האָט געשריעבען די פּרעסע אין דייטשלאַנד. זי האָט אפילו, אין אונטער־שיעד צו דער עסטרייכישער פרעסע, צוגעגע־בען, אַז קיין דירעקטע געפאַהר פאַר'ן איצטי־גען מאָמענט איז ניטאָ; דערפאַר אָבער האָט זי אונטערשטראָכען, אַז רוסלאַנד איז אויסען אַ מלחמה דוקא מיט דייטשלאַנד און אַז ארום הערבסט פון 1917 וועט דיזע מלחמה ערקלערט ווערען. דאַ־מאָלס וועט רוסלאַנד האָבען פערענדיגט, מיט דער פינאַנציעלער הילף פון פראַנקרייך, די אַלע מיליטערישע פּאָרבערייטונגען. און דאָ האָבען די פּאַנגערמאַניסטען — די, וואָס חלומ'ען וועגען אַ פעראייניגטער מלוכה פון אַלע דייטשען — און גלאַט אַזוי דייטשע שאַ־

וויניסטען געפונען די פּאַסענדע געלעגענהייט אַרויסצוטרעטען מיט אַזאַ טענה: איז עס אַ פּלאַן פאַר דייטשלאַנד צו זיצען מיט פערלייגטע אַרעמס און וואַרטען ביז רוסלאַנד וועט אָנפאַלען אין אַ 3־2 יאָהר אַרום? איז דען ניט פיעל גלייכער, אַז דייטשלאַנד זאָל ניט וואַרטען אויף דרך ארץ און אַליין אויפ'ן שטעל מאַכען די אַטאַקע און „אָפּרעכענען" זיך מיט'ן שונא? זאָל דער אייביגער סכסוך צווישען פּאַנסלאַוויזם און פּאַנגערמאַניזם געלייזט ווערען מיט פייער און שווערד. זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל געמאַכט ווערען אַ סוף צו די פּרעטענזיעס פון דער גרויסער סלאַווישער מלוכה אויף אויבערהערשאַפט אויף די באַלקאַנען, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין קליין־ און אין מיטעלאַזיען — מיט איין וואָרט אומעטום, וואו דייטשלאַנד פערטיידיגט בלויז זעהר „בעשיידענע" עקאָנאָמישע אינטערעסען. וואָרים דייטשלאַנד, דאַרף איהר וויסען, זיינען גאַנץ פרעמד די אַפּעטיטען און פערכאַפּונגס־פּלענער פון די אַלע אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

פערשטעהט זיך, אַז פון די אָפּיציעלע דייטשע קרייזען האָט מען זיך געאיילט בעקאַנט צו מאַכען, אַז די קאָרעספּאָנדענץ פון פּעטערבורג אין דער „קעלנישער צייטונג" וועגען די רוסישע בעוואַפנונגען, וועלכע האָט דאָס אַרויסגערופען דעם גאַנצען טומעל איז בשום אופן ניט אינספּירירט פון דער דייטשער געזאַנדשאַפט אין פּעטערבורג, וועלכע האָט בכלל ניט קיין שום שייכות צו דער גאַנצער העצע געגען רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אין דער אויסלענדישער פּרעסע.

דאָך, ניט די אָפיציעזע און ניט די אָפּיציעלע אָבלייקענונגען און ערקלערונגען האָבען ניט געקאָנט אין גאַנצען אָבווישען דעם איינדרוק, וואָס דער צייטונגס־ליאַרם האָט געמאַכט אין דייטשלאַנד, אַזוי ווי אין רוסלאַנד. ביי מיליאָנען מענשען איז פאָרט געבליעבען אַ חשד, אַז צווישען די צוויי גרויסע מלוכות, וואָס האָבען געוועהנליך ביז אהער געהאַנדעלט אין הסכם איינס מיט דאָס אַנדערע אין אַלע פראַגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק קומען פאָר שטאַרקע רייבונגען. זאָל זיין — האָבען פיעלע זיך געקלערט — אַז צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד וועט צו אַ מלחמה ניט קומען, דאָך אָהן אַ ספק, מוז זיין אַ טהייל אמת איז דער מעלדונג פון דער „קעלנישער צייטונג", אַז צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבען זיך פערשאַרפט די בעציהונגען. איז דאָ רויך, איז דאָ פייער.

די וואָס האָבען אַ בעגריף וועגען דער ראָלע פון דער געלער פּרעסע אין די אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים, וועלען געוויס איינשטימען מיט מיר, אַז ביז אַ געוויסען גראַד האָט די צייטונגס־טרעוואָגע צו פערדאַנקען די אינטריגען פון די דייטשע קאַנאָנען־פאַבריקאַנטען*). דאָס וויל מען פאָרבערייטען די דייטשע עפענטליכע מיינונג פאַר נייע מיליטערישע אויסגאַבען. איז דאָס ניט אַ מאָדנער צופאַל, וואָס מיט עטליכע שטונדען איידער די „קעלנישע צייטונג" איז אַרויס מיט איהר סענסאַציע, האָט דער ענגלישער אַרבייטער דעפּוטאַט ראַמסיי מאַק־דאָנאַלד ערקלערט אין פּאַרלאַמענט: „ווען די סמנים נאַרען מיך ניט, וועלען מיר באַלד עדות זיין פון אַ נייער מלחמה־העצע, מאַשינירט פון די דייטשע מיליטערישע פירמעס". דאָ האָט ער אייגענטליך אין זינען געהאַט דעם אַרטיקעל, וואָס איז ערשיענען מיט אַ פּאָאַר טעג פריהער אין דער דייטשער „פּאָסט". דער אַרטיקעל האָט געהאַט זיין אויפגאַבע צו בעווייזען, אַז אַ קריעג איז אומפערמיידליך...

געוויס, האָבען די מיליטערישע פירמעס אַ האַנד אין דאָס אַלעס — אי אין דעם טומעל פון דער דייטשער און רוסישער פּרעסע, אי אין דעם קלינגען און סטראַשען מיט וואַפען, אי אין די אַלץ וואַקסענדע בעוואַפנונגען פון די ביידע מלוכות. ד י סיבה — דער דרוק פון די מיליטערישע פירמעס — ווירקט אַלע מאָל. אָבער אין דעם פאַל האָבען מיר זיך נאָך צו רעכענען מיט אַ ספּעציעלער סבה. דאָ גאַכען רוסלאַנד און דייטשלאַנד געגענזייטיגע דעמאָנסטראַציעס. — יעדע איינע פון די מלוכות זוכט צו מאַכען אַן איינדרוק אויף די אַנדערע מיט איהר געוואַלדיגער מאַכט — זי איז גרייט און פאַרטיג צו מלחמה כאָטש די מינוט און אַלץ צוליעב דעם, ווייל אין גיכען — ענדע 1916 — לויפט אויס דער טערמין פון אַלטען רוסיש־דייטשען האַנדעלס־אָבמאַך און ער מוז בעצייטענס רעווידירט ווערן. נאָטיס מוז געגעבען ווערן מיט אַ יאָהר פריהער — ניט שפּעטען פון 31טען דעצעמבער 1915, — און די אונטערהאַנדלונגען דאַרפען זיך שוין אָנהויבען. וויל יעדע מלוכה שאַפען פאַר זיך גינסטיגערע אומשטענדען, אויסדינגען בעסערע תנאים, קלינגט מען אין די טאַצען, בלאָזט מען אין די טראָמפּייטען, מאַכט מען מיליטערישע פּאַראַדען, און דאָס אַלץ בעטייט: אַ נייער האַנדעלס־אָבמאַך דאַרף געשאַפען ווערן...

לויט אַן אינטערוויו, וואָס די „נאָוואָיע ווערמיא" האָט פערעפענטליכט נאָך אין פאָריגען יאָהר (4טען אַפּריל, 1913), האָט גראַף וויטטע ערקלערט דעם פערטרעטער פון דער צייטונג פאָלגענדעס: „דער כאַראַקטער פון דעם האַנדעלס־אָבמאַך, צי וועט ער זיין גינסטיג פאַר רוסלאַנד צי פאַר דייטשלאַנד, הייננט אָב

*) זעה מיין פאָריגען אַרטיקעל אין אַפּריל נומער „צוקונפט": „די געלע פּרעסע און די אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים".

פון דעם, ווי עס וועט זיין די פּאָליטישע לאַגע פון ביידע לענדער אין מאָמענט פון שליסען דעם אָבמאַך. עס ווענדט זיך אָן דעם פּער־העלטנים פון די כוחות פון די ביידע לענדער — לויט דעם וועלען האנדלען די פּערזאָנען, וועמען עס וועט אנפּערטרויט ווערען צו שליסען דעם אָבמאַך. אזוי איז געווען ביי דעם אָב־מאַך פון 1894 און בעזונדערס ביי דעם אָבמאַך פון 1904. פּאָליטישע מאָטיווען האָבען גע־שפּיעלט די הויפּט־ראָלע, ניט די עקאָנאָמישע. אזוי וועט אויך איצט זיין. די פּאָליטישע לאַגע פון ביידע לענדער וועט בעשטימען — וועט די פּאָליטישע לאַגע זיין גינסטיגער פאַר רוסלאַנד, וועט שוין רוסלאַנד אויך אויסווירקען פאַר זיך בעסערע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, און פערקעהרט"...

אויב אזוי, דאַרף מען שטרעבען דערצו, אז אין 1915־1916 זאָל רוסלאַנד זיין, אָדער ווע־ניגסטענס שיינען צו זיין, מעכטיגער ווי אין 1894 און 1904. און דאָס איז די כונה פון דעם אונאויפהערליכען קלינגען מיט די וואַפען און פּאָכען מיט די פּאָהנען פון ביידע זייטען — סיי פון דער רוסישער און סיי פון דער דייטשער זייט. דערפאַר מושטירט מען דאָס אר־מעען און מען לאָזט זיך קאָסטען הונדערטע מיליאָנען. מען וויל וואַרפען איינס אויף דאָס אנדערע אן אימה כדי ארויסצורייסען די אָדער יענע הנחות ביים שליסען דעם אָבמאַך.

פּונקט אזא טומעל איז געווען אין דער רוסישער און דייטשער פּרעסע מיט 20 יאָהר צריק, איידער דער אָבמאַך פון 1894 איז גע־חתמ'עט געוואָרען פון די דעלעגאַטען פון ביידע לענדער. איצט קומען פּובליציסטען און ווילען פאַרשטעלען די זאַך אזוי, אז די רוסישע דעלע־גאַטען האָבען זיך פּשוט בענאַרישט, אז די דייטשע דעלעגאַטען זיינען געווען אי קליגער, אי געלערנטער, אי ערפאַהרענער אין טאַריף־פראַגען. אין דער אמת'ן איז פאָרגעקומען א לאַנגער, הארטנעקיגער קאַמפּף צווישען די ביידע לענדער. און די לאַגע איז איין צייט געווען אזוי ערנסט, אז דער דאַמאָלסדיגער רו־סישער געזאַנדטער אין בערלין, גראַף מוראַוו־יאָוו, שפּעטער מיניסטער פון אויסערליכע אנ־געלעגענהייטען, האָט געוואָרענט די רוסישע רעגיערונג, אז דייטש־לאַנד איז גרייט צו ערקלע־רען קריעג, ווען דער טאַריף־קריעג אויף'ן גרענעץ זאָל ווייטער אָנהאַלטען. אין דאָס אליין, וואָס די אויסגלייכונגס־קאָנפערענץ איז זיך צונויפגעקומען דעם 10טען אָקטאָבער, 1893, ניט אין פּעטערבורג, נור אין בערלין, האָט די פּרעסע דאַמאָלס אויסגעטייטשט, אז רוסלאַנד האָט נאָכגעגעבען דעם דרוק פון דער שכנ'טע פון מערב.

2. די עקאָנאָמישע שייכות צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד.

רוסלאַנד און דייטשלאַנד זיינען עקאָנאָ־מיש ענג פערבונדען איינס מיט דאָס אנדערע. פון לאַנגע צייטען פערנעהמט דייטשלאַנד דעם ערשטען פּלאַץ אין דעם רוסישען האנדעל מיט אויסלאַנד. אין 1891 איז פון אלגעמיינעם אומזאַץ פון רוסישען אויסערליכען האנדעל, וואָס האָט בעטראָפען 11 הונדערט מיליאָן רו־בעל, אויסגעקומען אויף דייטשלאַנד 296 מיל.; אין 1892 פון 892 מיליאָן — אויף דייטשלאַנד 240 מיליאָן. דאָס מיינט, אז שוין מיט צוואַנ־ציג יאָהר צוריק האָט דייטשלאַנד'ס חלק אין רוסלאַנד'ס האנדעל מיט אויסלאַנד בעטראָפען 27—29%.

און מיט דער צייט איז דייטשלאַנד'ס חלק אלץ געוואַקסען — אבסאָלוט — אָן און פאַר זיך — און אין פערגלייך מיט די חלקים פון אנדערע לענדער. נעהמען מיר דאָס פערגאַנ־גענע יאָהרצעהנדליג (1900—1910), וועלען מיר זעהן, אז דער עקספּאָרט פון ענגלאַנד קיין רוסלאַנד איז ניט געוואַקסען און אין מאַנכע יאָהרען שטאַרק געפאַלען אין פערגלייך מיט די פריהעריגע יאָהרען; דער עקספּאָרט פון פראַנקרייך איז זעהר לאַנגזאַם געוואַקסען און דער עקספּאָרט פון דייטשלאַנד איז געוואַקסען אָהן אויפהער און האָט זיך אויפגעהויבען פון 216,9 מיליאָן רובעל אין 1900 ביז 363,3 מי־ליאָן רובעל אין 1909 — דאָס איז א פערגרע־סערונג אויף 146 מיל. דער אומזאַץ (דער עקספּאָרט מיט'ן אימפּאָרט צוזאַמען) פון דייטשען האנדעל מיט רוסלאַנד איז אין 1909 געווען 5½ מאָל אזוי פיעל ווי דער אומזאַץ פון פראַנצויזישען האנדעל מיט רוסלאַנד.

און אין די לעצטע דריי יאָהר (1911, 1912, 1913) איז דער דייטשער אנטייל אין רוסישען אויסלענדישען האנדעל ניט נור ניט געפאַלען, נור פערקעהרט, איז שטאַרק געשטיע־גען. אָט זיינען די נייעסטע ציפערן, וואָס די "טאָרגאָווא־פּראָמישלענאַיאַ גאַזעטאַ" (ארויס־געגעבען פון רוסישען פינאַנץ־מיניסטעריום) האָט פּובליצירט דעם 8טען מערץ, 1914. דער רוסישער עקספּאָרט האָט זיך אויף אזא אופן פאַנאַנדערגעטיילט לויט די הויפּט־לענדער:

דער רוסישער עקספּאָרט אין מיליאָנען רובעל.

לויט די לענדער	לויט די יאָהרען		
	1911	1912	1913
דייטשלאַנד	490,5	453,8	452,6
ענגלאַנד	336,6	327,5	266,9
האָלאַנד	128,8	154,0	177,5
פראַנקרייך	90,8	98	100,9

דער רוסישער עקספּאָרט קיין ענגלאַנד האָט זיך פאַר'ן לעצטען יאָהר פערקלענערט אויף אזא היבשע סומע ווי 60,6 מיליאָן רוב.

דער עקספּאָרט קיין דייטשלאַנד האָט זיך אויף ווי עס שיינט פערקלענערט, אמת, בלויז אויף 1,2 מיל. נור דאָס ווייזט זיך נור אַזוי. ווי די „טאָרגאָוואָ־פּראָמישלענאַיאַ גאַזעטאַ“ צייגט אָן, געהט אַ בעדייטענדער טהייל פון רוסישען עקספּאָרט קיין דייטשלאַנד דורך האָלאַנד און דאָס, וואָס דער עקספּאָרט קיין האָלאַנד ווייזט אויף אַ פערגרעסערונג (אויף 23 מיליאָן, ווען מען פערגלייכט 1913 מיט 1912), מיינט עס גאָר, אַז דער עקספּאָרט קיין דייטשלאַנד האָט זיך פערגרעסערט. אַלזאָ, דייטשלאַנד'ס טייל אין רוסישען עקספּאָרט איז פיעל העכער ווי די טאַבעלע גיט עס אָן, כאָטש די טאַבעלע, ווי זי איז, צייגט שוין, אַז דייטשלאַנד שפּיעלט די הויפּט־ראָלע אין רוסישען אויסערליכען האַנדעל.

נאָך כאַראַקטעריסטישער זיינען די ציפערן וועגען אימפּאָרט פון אויסלענדישע סחורות קיין רוסלאַנד. לויט דער רוסישער סטאַטיסטיק קומט אויס אויף דייטשלאַנד'ס חלק אין דעם אויסלענדישען אימפּאָרט קיין רוסלאַנד מעהר ווי אַ העלפט (52%). די דערמאָהנטע אָפיציעלע „טאָרגאָוואָ־פּראָמישלענאַיאַ גאַזעטאַ“ האָט אין איינער פון איהרע לעצטע נומערן (נומ. 51 פון 15טען מערץ, 1914) פערעפענטליכט פאָלגענדע טאַבעלע פון אימפּאָרט, ווי אַזוי ער טיילט זיך פונאַנדער, לויט די הויפּט־לענדער, וואָס אימפּאָרטירען סחורות קיין רוסלאַנד:

דער אימפּאָרט אין מיליאָנען רובעל לויט די יאָהרען

לויט די לענדער	1911	1912	1913
דייטשלאַנד	476,8	521,1	642,8
ענגלאַנד	159,9	139,3	170,4
די פעראייניגטע שט.	100,8	85,7	74,2
פראַנקרייך	56,2	55,2	56,0
עסטרייך־אונגאַרן	33,8	32,1	34,7

אַלזאָ פאַר דעם איין יאָהר (פון 1912 ביז 1913) איז דער דייטשער אימפּאָרט קיין רוסלאַנד פערגרעסערט געוואָרען אויף 121.700.000 רובעל. און ווי די „טאָרגאָוואָ־פּראָמישלענאַיאַ גאַזעטאַ“ האָט אויסגערעכענט, איז די דאָזיגע פערגרעסערונג אויף 121,7 מיל. רוב. פאָרגעקומען בעת דער אימפּאָרט פון אַלע אַנדערע לענדער צוזאַמענגענומען האָט זיך פערגרעסערט בסך הכל אויף 62,1 מיל. רוב. פון דעם אַליין איז צו זעהן, ווי אונגעהייער פיעל דייטשלאַנד בעטייט פאַר'ן ווירטשאַפטליכען לעבען פון רוסלאַנד.

רוסלאַנד און דייטשלאַנד זיינען אַזוי ענג פערבונדען עקאָנאָמיש, ווי קיינע אַנדערע צוויי לענדער אין אייראָפּאַ. זיי זיינען פשוט אָבהענגיג איינס פון דאָס אַנדערע. דערפון איז קלאָר, אַז אַ רוסיש־דייטשער אָבמאַך איז פון גרעסטער בעדייטונג פאַר ביידע לענדער. אָן דעם, ווי דער אָבמאַך וועט זיין, ווענדט זיך דער כאַראַקטער פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון ביידע לענדער, דער שיקזאַל פון זייער אינדוסטריע און לאַנד־ווירטשאַפט. און פון דעם אָבמאַך העגגט אויך אָב, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער וועלען טראָגען די בעציהונגען פון ביידע לענדער — אַ כאַראַקטער פון פריינדשאַפט אָדער פון האַס.

3. רוסלאַנד, אלס דייטשע „קאָלאָניע“.

די גרויסע ראָלע, וואָס דייטשלאַנד שפּיעלט אין רוסישען אימפּאָרט און עקספּאָרט, האָט אין רוסלאַנד אַרויסגערופען אַ גאַנצע ליטעראַטור, — אַ ליטעראַטור, וואָס האַלט אין איין שרייען און פּילדערן געגען דער דייטשער „געוואַלטהערשאַפט“ איבער'ן רוסישען מאַרק. רוסלאַנד מוז בעפרייט ווערען פון אונטער דעם עקאָנאָמישען יאָך פון דער שכנ'ישער מלוכה. איינער פון די, וואָס האָבען די ערשטע אָנגעהויבען דעם געשריי, און איינער פון די אָנגעזעהענסטע שרייער איז דער מאָסקווער פּראָפעסאָר י. כ. גאָלדשטיין, וועלכער האָט פאָריגעס יאָהר פערעפענטליכט אַ בראָשור אונטער דעם סענסאַציאָנעלען נאָמען: „דער רוסיש־דייטשער אָבמאַך און מוז ניט אַנדערש רוסלאַנד זיין אַ דייטשע קאָלאָניע?“ (מאָסקווע, 1913). די בראָשור, לויט איהר טענדענציעזען כאַראַקטער, דערמאָהנט וויליאַמס' ביכעל „מייד אין דזשערמאַני“, וואָס האָט אין זיין צייט אָנגעמאַכט אַזאַ טומעל אין ענגלאַנד. גאָלדשטיינ'ס גרונדגעדאַנק, ווי ער האָט איהם ענטוויקעלט אין דער דערמאָהנטער בראָשור און אין אַ רייהע צייטונגס־אַרטיקלען און רעפעראַטען (זעה צ. ב. ש. זיין רעפעראַט אויפ'ן קיעווער צוזאַמענפאָהר וועגען עקספּאָרט, דעם 17טען פעבר., 1914), בעשטעהט אין אָט וואָס:

רוסלאַנד איז געוואָרען אַזוי ווי אַ קאָלאָניע פון דייטשלאַנד. דייטשלאַנד בעקומט פון רוסלאַנד רויהען מאַטעריאַל און שיקט אין רוסלאַנד פאַבריק־פּראָדוקטען. איז דערפאַר רוסלאַנד'ס בלוטיגער אינטערעס די עמאַנסיפאַציע פון דייטשלאַנד. מיר ווייסען, אַז די פּאָליטישע בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד זיינען ניט אַם בעסטען, זיינען אָבער די עקאָנאָמישע בעציהונגען שוין גאָר שלעכט. די רוסישע לאַנד־ווירטשאַפט ווערט פשוט רואינירט דורך דער רוסישער טאַריף־פּאָליטיק, וואָס האָט די רוסישע לאַנד־ווירטשאַפט געמאַכט אָבהענגיג פון דייטשלאַנד. צו דיעזער אבהענגיגקייט דאַרף געמאַכט ווערען אַן ענד.

די עקאָנאָמישע בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד ווערען וואָס אַ יאָהר

אונגאַרמאַלער; זיי דערנעהענטערען זיך אַלץ מעהר צו דעם אידעאַל פון די „מערקאַנטיליסטען“, וועלכע האָבען געהאַלטען, אז אזוי דאַרפען זיין די בעציהונגען פון א קאָלאָניע צו איהר מוטער־לאַנד, דער מעטראָפּאָליע: די קאָלאָניע שטעלט צו דעם רויהען מאַטעריאַל, און די מעטראָפּאָליע האַלט איהר אויס מיט פאַבריקאַטען. זינט דעם אָבמאַך פון 1894, ווען עס האָט אויפגעהערט די טאַריף־מלחמה צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד — זאָגט גאָלדשטיין — איז מיט יעדען יאָהר אַלץ א גרעסערער טהייל פון רוסישען עקספּאָרט פון רויהע פּראָדוקטען געגאַנגען קיין דייטשלאַנד, און אַלץ א גרעסערער טייל פון רוסישען אימפּאָרט פון בעאַרבייטע פּראָדוקטען געקומען פון דייטשלאַנד.

לויט די ציפערן פאַר די יאָהרען 1907—1910, האָט רוסלאַנד עקספּאָרטירט יעהרליך קיין דייטשלאַנד דורכשניטליך 48% פון איהר גאַנצען עקספּאָרט, ד. ה. כמעט א העלפט פון די פּראָדוקטען, וואָס זי האָט איבערהויפּט ארויסגעפיהרט קיין אויסלאַנד. דיעזע ציפערן ברענגען פּראָפעסאָר גאָלדשטיין אין א גרויס פערלעגענהייט. דיזע אבהענגיגקייט פון דייטשלאַנד שטעלט רוסלאַנד אין דער לאַגע פון א דייטשער קאָלאָניע.

און אַזאַ לאַגע איז גאָר ניט פּאַסיג פאַר אַ גרויסער מלוכה. אין קיין איינע פון די גרויסע מלוכות שפּיעלט אן אויסערליכע מלוכה אַזאַ געוואַלדיגע ראָלע, ווי דייטשלאַנד אין רוסלאַנד. לאָמיר נעהמען און פערגלייכען. דער גרעסטער עקספּאָרט פון פראַנקרייך געהט קיין ענגלאַנד, און דערגרייכען דערגרייכט ער קוים (לויט די ציפערן פאַר 1905—1909) 24% פון פראַנקרייכ׳ס גאַנצען עקספּאָרט. דער גרעסטער עקספּאָרט פון דייטשלאַנד געהט אין דעמזעלבען ענגלאַנד און בעטרעפט בלויז 16% פון דעם גאַנצען דייטשען עקספּאָרט. און דער גרעסטער עקספּאָרט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען געהט ווידער אַמאָל קיין ענגלאַנד און ער מאַכט אויס (דער דורכשניט פאַר די יאָהרען 1907 ביז 1911) 30% פון דעם גאַנצען עקספּאָרט, וואָס געהט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. גאָלדשטיין ברייגנט ווייטער ציפערן וועגען דעם אימפּאָרט אין פערשיעדענע לענדער און ער קומט צום שלום, אז רוסלאַנד איז דאָס א י י נ צ י ג ע גרויסע לאַנד, וואָס אין זיין אויסערליכען האַנדעל זאָל אזוי געוועלטיגען אַ פרעמד לאַנד. כמעט אַ העלפט פון רוסישען עקספּאָרט און מעהר ווי אַ העלפט פון רוסישען אימפּאָרט געהט איבער׳ן דייטשען גרענעץ. אַזאַ אויסנאַהמס ראָלע פון דייטשלאַנד טהוט רוסלאַנד אַ געוואַלדיגען שאַדען: דייטשלאַנד דיקטירט דורכאויס בעדינגונגען רוסלאַנד. א י ן ד ע ר י ב ע ר ד א ר ף ד ע ר קאַמפּף־געשריי פון רוסלאַנ־ווערען די עמאַנציפּאַציע פון דייטשלאַנד.

4. די האַנדעלס־אבמאַכען פון 1894 און 1904. די דייטשע אגראַריער.

פאַרוואָס עפּעס זיינען די רוסישע אגראַריער (די גרויסע גוטס־בעזיצער) געבליעבען אונצופריעדען פון דעם אָבמאַך פון 1904? דאָס וועלען מיר פערשטעהען, ווען מיר וועלען איהם פערגלייכען מיט דעם אבמאַך פון 1894. דער אבמאַך פון 1894 איז געשלאָסען געוואָרען, ווי בעקאַנט, נאָך אַ ביטערער טאַריף־מלחמה, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיגען מיט אַ מיליטערישען צוזאַמענשטויס. ער האָט ארונטערגעזעצט דעם טאַריף אויף די רוסישע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, וואָס ווערען אימפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד. אין בעצוג צום טאַריף איז רוסלאַנד אַריינגענומען געוואָרען אין צעטעל פון די לענדער, וואָס ווערען אַם מעהרסטען פּראָטעזשירט. דאָס איז דאמאלס פעררעכענט געוואָרען פאַר א גרויסען רוסישען ערפאָלג. דער טאַריף איז פערקלענערט געוואָרען אויף 15 ביז 20 פּראָצענט אויף געוויסע סאָרטען פיה, פלייש, קעז, טערקישע ווייץ און ביז אויף 30% אויף ווייץ, קאָרן, האבער און מעהל־פּראָדוקטען. רוסלאַנד ווידער האָט אַרונטערגעלאָזען דעם טאַריף אויף אייזען און אייזען פּראָדוקטען; אויף מעש־פּראדוקטען, זייגערס, פּאַרצעליי, כעמישע שטאָפען און אפּטעק סחורות; אויף טשוגון־פּראדוקטען און לאַנדווירטשאפטליכע מאַשינען א. ז. וו.

פון דעם אבמאַך פון 1894 האָט געוואונען די גרויסע מאַסע געברויכער פון ביידע זייטען. אין רוסלאַנד זיינען ביליגער געוואָרען פערשיעדענע פאבריקאטען, לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען א. ז. וו. אין דייטשלאנד — אַלערליי שפּייז־פּראָדוקטען. דער רוסישער קאָרן האָט פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ אויפ׳ן דייטשען מאַרק.

פערשטעהט זיך, עס זיינען אויך געווען אונצופריעדענע פון ביידע זייטען. אין רוסלאַנד זיינען אונצופריעדען געוועזן די מאָסקווער פאַבריקאַנטען. זיי זיינען געוועהנט געווען צו אַ שוץ־טאַריף, וואָס שאַפט כמעט אָב אין גאַנצען אויסלענדישע קאָנקורענץ: דער אינערליכער מאַרק איז זייער מאָנאָפּאָל. אַלץ, וואָס פיהרט דערצו, צו פערלייכטערן דעם אַריינפיהר פון אויסלענדישע פאבריקאטען, איז אַ פערברעכען.

דערפאַר אָבער האָבען גאָר אָנגעקוואָלען פון דעם טאַריף די רוסישע גוטסבעזיצער. פּראָפעסאָר איסאַיעוו האָט אויסגערעכענט, אז יעדע דעסיאַטינע ערד האָט זיי גענומען אַריינברייגנען מיט 4 רובעל מעהר פּראָפיט.

און אין דייטשלאַנד איז פּונקט פערקעהרט געוועזען דער פאַל. דאָרט האָבען דוקא די אגראַריער, די גרויסע גוטסבעזיצער געשריען, אַז דער טאַריף איז אַ פערברעכען געגען פאטערלאַנד. פּאַטריאָטישע פּאָליטיק פּאָדערט אַ וואָס העכערן טאַריף אויף די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, וואָס קומען פון אויסלאַנד, ווארים די היימישע לאַנדווירטשאַפט איז דער פונדאַמענט פון פאטערלאַנד, און זיי די לאַנד־אייגענטיהער, דער אדעל, די יונקערס זיינען די פעסטונג פון פאטערלאַנד. און זיי זיינען געוואָרען דם שונאים דעם קאַנצלער קאַפּריווי, וועלכער האָט געפיהרט אַ ליבעראַלע טאַריף פּאָליטיק. ווי בעקאַנט, האָבען די דייטשע סאָציאַליסטען, מיט קויטסקי בראש, זיך פערהאַלטען מיט סימפּאַטיע צו קאַפּריווי'ס טאַריף־פּאָליטיק.

אָבער די פּאָדערונג פון די אגראַריער צו רעווידירען דעם טאַריף פון 1894 איז נאָכגעגעבען געוואָרען. זייער פּאָרשטעהער, דער נייער קאַנצלער ביולאָוו, האָט אין הערבסט 1901, אַריינגעטראָגען אין רייכסטאַג אַ פּראָיעקט פון אַ נייעם טאַריף. ער האָט ענטהאַלטען 1000 נומערן אנשטאַט די פריהערע 400 נומער — דאָס מיינט, אַז אויף טויזענד אַרטיקלען איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אַ גרענעץ־אָבצאָהל. ער האָט איינגעפיהרט אַ דאָפּעלטען טאַריף — אַ מאַקסימאַל טאַריף — פאַר די לענדער, וואָס זאָגען זיך אָב אַריינצוגעהן אין אַן אָבמאַך מיט דייטשלאַנד, און אַ מינימאַל טאַריף — פאַר די לענדער, וואָס געהען יאָ אַריין אין אַן אָבמאַך און רעדוצירען דעם טאַריף אויף דייטשע סחורות. און אפילו דער מינימאַל טאַריף איז, וואָס שייך לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, געוועזען אַ העכערונג פון 10 ביז 25 פּראָצ. געגען דעם אַלטען טאַריף. אין 1902 איז דער נייער טאַריף אָנגענומען געוואָרען אין רייכסטאַג און געוואָרען אַ געזעץ. דער נייער קורס, וואָס איז געוועזען אַן אומקעהר צום אַלטען שוץ־סיסטעם, האָט געזיעגט. דאָס איז געוועזען דער זיעג פון די דייטשע אגראַריער.

5. דער האַנדעלס־אָבמאַך פון 1904 און די רוסישע אגראַריער. דער קאַמפּף פאַר די תבואה מערק. די פערכאַפּונג פון דעם פינלענדישען מאַרק דורך דייטשלאַנד און די אַרויסשטויסונג פון רוסישער תבואה.

די רוסישע גוטסבעזיצער האָבען אַ גוטען גרונד צו זיין אונצופריעדען מיט דעם אָבמאַך פון 1904. דער טאַריף איז געהעכערט געוואָרען פון 3½ מאַרק אויף 5 צוויי־דריטעל מאַרק אויף יעדע 100 קילאָגראַם רוסישע ווייץ, פון 3½ אויף 5 מאַרק אויף יעדע 100 קילאָגראַם רוסישען קאָרן און פון 10 ביז 20 מאַרק אויף 30—72 מאַרק אויף יעדען פערד. אַ דאַנק דעם, טענה'ן די רוסישע אגראַריער, האָבען די דייטשע גוטסבעזיצער אַזוי ענטוויקעלט זייער ווירטשאַפט, דאָס זיי האָבען אָנגעהויבען צו עקספּאָרטירען זייערע פּראָדוקטען, בעזונדערס קאָרן, ניט נור אין האָלאַנד, סקאַנדינאַוויען, נור אויך אין פינלאַנד, באַלטישען געגענד און רוסיש־פוילען.

דאָס וואַרפט שוין גאָר אַן אימה אויף די רוסישע אגראַריער. פון אַ לאַנד, וואָס האָט אימפּאָרטירט קאָרן, איז דייטשלאַנד געוואָרען אַ לאַנד, וואָס עקספּאָרטירט קאָרן. אין 1913 האָט דייטשלאַנד אַרויסגעפיהרט קיין אויסלאַנד 933 טויזענד טאָן קאָרן און אַריינגעפיהרט 352 טויזענד טאָן.

און ווידער אַמאָל די עראָבערונג פון פינלענדישען מאַרק דורך דעם דייטשען קאָרן. וועגען דיזען פאַקט ווערט אָפט דיסקוטירט אין דער רוסישער פּרעסע זינט 100. און די פּעסימיסטען זאָגען נאָך נביאות, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועלען די דייטשע גוטסבעזיצער, אַ דאַנק די קינסטליכע שוצמיטלען און, הויפּטזעכליכע, אַ דאַנק די פּרעמיומס, וואָס די דייטשע רעגיערונג גיט אַרויס די עקספּאָרטערן פון לאַנד־פּראָדוקטען, ניט נור אַרויסשטויסען די רוסישע תבואה פון די מערק פון נאָרוועגיען, שוועדען, דענעמאַרק, בעלגיען און אויך ענגלאַנד, נו זיי וועלען נאָך נעהמען ליפערן זייער תבואה אין טיעף ראַסייא.

דיעזע בעהויפּטונגען זיינען, נאַטירליך, שטאַרק איבערטריבען. אַזוי ווייט האַלט עס נאָך ניט. דערווייל איז דער עקספּאָרט פון דייטשער תבואה קיין רוסלאַנד אַ קלייניגקייט אין פערגלייך מיט די מיליאָנען פון רוסישען עקספּאָרט. אין דעם איין יאָהר 1913 האָט רוסלאַנד אַרויסגעפיהרט תבואה קיין אויסלאַנד אויף דער סומע פון 589,9 מיליאָן רובעל, אַריינגעפיהרט אויסלענדישע תבואה אויף 15,2 מיליאָן רובעל, דאָס מיינט, אַז דער רוסישער תבואה עקספּאָרט איבערשטייגט דעם אימפּאָרט אין 40 מאָל. דאָס הייסט, אַז עס איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקען די דייטשע תבואה זאָל פערפלייצען די רוסישע מערק. קיין „דייטשע געפאַהר", ווי די רוסישע אגראַריער מאָלען זי, איז ניטאָ. וואָס די רוסישע אגראַריער זיינען יאָ אויסען, איז — צוריק אַריינצוכאַפּען דעם פינלענדישען מאַרק, די פוילישע גובערניעס, און נאָך מעהר, אַריינצורייסען זיך אין דייטשלאַנד און פערפלייצען דעם דייטשען מאַרק מיט רוסישער תבואה.

פרעגט זיך, וואָס פאַר אַ מיטלען, אַ חוץ מיליטערישע פּאַראַדען און סטראַשונקעס צורייסען מיט דער לאַנג־יאָהריגער דייטשער פריינדשאַפט און זיך ענגער נאָך פערבינדען מיט פראַנקרייך, — וואָס אַ חוץ דעם האָבען

די רוסישע אגראריער, כדי צו ברעכען די עקשנות פון זייערע דייטשע קאָלעגען און זיי צווינגען ארונטערצולאָזען דעם טאַריף אויף די פּראָדוקטען פון רוסישער לאַנדווירטשאַפט. דאָס זיינען די מיטלען: פריהער פון אַלץ אַרויפלייגען אַן אבצאהל אויף תבואה, וואָס ווערט אַריינגעפיהרט פון דייטשלאַנד קיין רוסלאַנד און פינלאַנד, לויט'ן חשבון פון 30 קאָפּיקעס אויפ'ן פּוד. און בכלל אין בעצוג צום טאַריף זאָלען פינלאַנד און רוסלאַנד ווערען איינס. דיעזע 30 קאָפּיקעס פון פּוד זאָלען דאָס זיין דער געגענגיפט געגען די געהיימע פּרעמיומס, וואָס די דייטשע רעגיערונג צאָהלט פאַר'ן עקספּאָרט פון דייטשער תבואה קיין אויסלאַנד.

דאָס צווייטע מיטעל איז: אַרויפלייגען אַן עקספּאָרט־אבצאהל אויף קלייען, מעקענע און אַלערליי אבפאַל פון לאַנדווירטשאַפט, וואָס געהט פון רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד. דיעזע פּראָדוקטען זיינען אַן אויסגעצייכענטער פוטער פאַר פיה. און ביליג זיינען זיי געווען, ווייל זייער אַריינפיהר איז ניט געווען פערבונדען מיט קיינע הוצאות ביים גרענעץ. האָבען זיי דייטשע לאַנדווירטען מיט דיעזע פּראָדוקטען געהאָדעוועט זייערע בהמות, וואָס האָבען געגעבען פעטען מיסט, וואָס האָט פרוכטבאַר געמאַכט זייערע פעלדער. און די דייטשע פיה־צוכט און לאַנדווירטשאַפט איז געוואַקסען אויפ'ן חשבון פון דער רוסישער. די רוסישע לאַנדווירטשאַפט האָט זיי געקאָרמעט. דערפאַר האָבען דאָס די רוסישע אגראריער אויפגעהויבען אַ געשריי, אַז דייטשלאַנד האָט זיך איינגעזויגען אין רוסלאַנד'ס קערפּער ווי אַ פּיאַווקע, מוז מען דעריבער שווערער מאַכען דעם אַרויספיהר פון קלייען, מעקענע און אַנדערע אבפאַל־פּראָדוקטען פון דער רוסישער לאַנדווירטהשאַפט, וואָס זיינען אזוי צוניץ געקומען דער דייטשער לאַנדווירטשאַפט.

און אַלס דעם ווירקזאמסטען מיטעל שלאָגען די רוסישע אַגראַריער פאָר — צו פערוועהרען רוסישע לאַנדאַרבייטער אַרויסצופאָהרען קיין דייטשלאַנד אויף אַרבייט.

פּראָפעסאָר ק. ג. וואָבלי האָט אויסגערעכענט אַז יעהרליך לאָזען זיך אַוועק פון רוסלאַנד, הויפּטזעכליך פון רוסיש־פּוילען און הויפּטזעכליך קיין דייטשלאַנד אַ גאַנצע אַרמיי לאַנד־אַרבייטער — אין לעצטען יאָהר איבער 400 טויזענד מאַן. לויט פּראָפעסאָר קאַלאַמיצעוו'ס חשבון, זיינען אין 1913 אַרויסגעפאָהרען קיין דייטשלאַנד 500 טויזענד לאַנד־אַרבייטער און קיין דענעמאַרק 100 טויזענד („אוטרא ראָסיאי", 11 פעבר., 1914). און צו בעווייזען, וואָס פאַר אַ ראָלע דיעזע אַרמיי אַרבייטער שפּיעלט אין דער דייטשער לאַנדווירטשאַפט, ציטירט ער פון אַן אַרטיקעל „דייטשע לאַנדווירטשאַפט", געשריעבען פון אַ דעפּוטאַט פון רייכסטאַג און לאַנדווירט פּעגטער:

„*דאָס, וואָס רוסלאַנד קאָן צו יעדער צייט אָבשטעלען דעם צופלוס פון אַרבייטער אין אונזער לאַנדווירטשאַפט, איז דער שווערט, אונטער וועלכען מיר דייטשען וועלען זיך מוזען בויגען.*"

אלזאָ, אַ מיטעל צו קעמפּפען געגען דעם דייטשען שוץ־טאַריף, געגען אָבצאהל אויף די רוסישער תבואה, חזירים, האָרן־פיה און אַלערהאַנד פּראָדוקטען פון רוסישער פיה־צוכט, איז געפונען. און דער מיטעל איז: *צו בעהאַנדלען די רוסישע אַרבייטער ווי מעקענע און קלייען, ווי אַ סאָרט אָבפאַל־פּראָדוקט פון לאַנדווירטשאַפט*, — ווי אַ פּראָדוקט, וואָס מען קאָן ערמוטיגען זיין עקספּאָרט, אָדער בעשרענקען, אָדער אין גאַנצען אבשטעלען — ערלויבען, אָדער אין גאַנצען פערוועהרען, לויט ווי עס פאָדערט די פּאָליטיק פון דעם טאַריף־קאַמפּף צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד. און וואָס וועלען אויף אַן אמת טהאָן די דייטשע אגראריער, ווען די רוסישע אגראריער וועלען טאַקע פועל'ן צו פערוועהרען דעם אַרויספאָהר פון רוסישע לאַנד־אַרבייטער? וועלען זיי אפשר נעהמען אימפּאָרטירען קולים פון כינא און אינדיען?

6. די רוסישע פאַבריקאַנטען און די רעוויזיע פון האַנדעלס־אבמאַך. דער צוזאַמענשטויס פון די אינטערעסען פון די רוסישע אגראריער און רוסישע פאבריקאַנטען אין דער פראגע וועגען אַ נייעם טאַריף.

די רוסישע אגראריער ווילען זיך ניט בענוגענען בלויז מיט שוץ־ און וועהר־מיטלען געגען דייטשלאַנד, ניין זיי האַלטען טייער דעם פריעדען און שעצען הויך די דייטשע פריינדשאַפט. זיי ווילען אויך וואָס אָפּפערן, אָבער ניט אויפ'ן חשבון פון לאַנדווירטשאַפט, נור אויפ'ן חשבון פון דער רוסישער אינדוסטריע. זיי ווילען ברייטער עפענען דעם רוסישען מאַרק פאַר די פּראָדוקטען פון דער דייטשער אינדוסטריע. יאָ, זיי זיינען גרייט צו פערקלענערען דעם אבצאהל אויף דייטשע פאבריקאטען. אזוי צ. ב. ש. האָט דער קיעווער עקספּאָרט צוזאמענפאָהר רעקאמענדירט צו פערקלענערן דעם אבצאהל אויף די האַלב־פאַבריקאַטען: אייזען, קוילען און אויך אויף לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען, *אַלס אַ בעפריעדיגונג אין פאַל דייטשלאַנד וועט איינגעהן צו פערלייכטערן דעם*

ארײנפיהר פון רוסישע לאנדווירטשאפטליכע פראָדוקטען.

אבער אין דיזען פונקט צוגעהן זיך זעהר שטארק די רוסישע אגראריער מיט די רוסישע פאבריקאנטען. כמעט גלייכצייטיג מיט דעם קיעווער צוזאמענפאהר פון די גוטסבעזיצער איז אין מאסקווע (דעם 28טען פעבר. 1914) פארגעקומען אן עקסטרא זיצונג פון דעם ראט פון די פאבריקאנטען פון לאנדווירטשאפטליכע מאשינען. און דער ראטה האט בעשטימט יא פאדערן א רעוויזיע פון דעם האנדעלס־אבמאך מיט דייטשלאנד, אבער מיט דעם בעדינג, אז די רוסישע מאשינען־בויעריי זאל דערפון האבען א ר ע א ל ע ן געווינס, וואס דאס מיינט, אז דער אבצאהל אויף לאנדווירטשאפטליכע מאשינען, וואס ווערען געבראכט פון דייטשלאנד, זאל געהעכערט ווערן.

און אין נאך א פונקט צוגעהען זיך די רוסישע אגראריער מיט די רוסישע פאבריקאנטען — אין דער פראגע וועגען א טאריף־פעראייניגונג מיט פינלאנד. די רוסישע אגראריער ווילען איינשליסען פינלאנד אין א טאריף־איינהייט מיט רוסלאנד, כדי צו קענען ארויפלייגען אן אלגעמיינעם אפצאהל אויף די מעהל־און תבואה־פראָדוקטען, וואס קומען פון דייטשלאנד קיין פינלאנד און רוסלאנד. זיי פיהלען זיך גענוג שטארק צו פערוואנדלען פינלאנד ביי א טאריף־פעראייניגונג אין א מארק אויף אבצוזעצען די פראָדוקטען פון דער רוסישער לאנדווירטשאפט. פערקעהרט, די רוסישע פאבריקאנטען האבען מורא, אז ביי א טאריף־פעראייניגונג מיט פינלאנד וועט ניט די רוסישע אינדוסטריע איינגעהמען די פינלענדישע, נור די פינלענדישע וועט איינגעהמען די רוסישע. פינלאנד וועט מאכען פון רוסלאנד א מארק פאר פינלענדישע פאבריקאטען. „ווען אזא פעראייניגונג וואלט פערווירקליכט געוואָרען, — האט דער בעוואוסטער רוסישער קאפיטאליסט קרעסטאווניקאוו ערקלערט אויף דער בעראטונג, וואס די רעגיערונג האט איינבערופען וועגען דער פראגע (יאנואר 1914), — וואלט פינלאנד בעקומען במתנה דעם מארק פון דער גאנצער רוסישער אימפעריע, רוסלאנד אבער וואלט אונבעדינגט פערלארען“. און די פארשטעהער פון אלע אנדערע אינדוסטריען, וואס האבען בייגעוואוהנט די בעראטונג, ווי פון די מעטאל־, פאפיער־, וואל־, לעדער־, פלאקס־, גלאז־, ליים־ און כעמישע־אינדוסטריען און די פערטרעטער פון די שיף־קאמפאניעס האבען זיך אלע אין איין קול ארויסגעזאגט געגען דעם רעגיערונגס־פראָיעקט אבצושאפען לטובת די אגראריער דעם טאריף גרענעץ צווישען פינלאנד און רוסלאנד און ארונטערנעהמען פינלאנד אונטער דער טאריף־סיסטעם פון דער גאנצער רוסישער אימפעריע. די רוסישע אגראריער ווילען פערפלייצען פינלאנד מיט רוסישער תבואה און ארויסשטויסען פון דאָרט די דייטשע, די רוסישע פאבריקאנטען, פערקעהרט, האבען מורא, אז רוסלאנד אליין זאל ניט פערפלייצט ווערן מיט פינלענדישע סחורות.

7. די טאריף־פאליטיק און די אינטערעסען פון די פאלקס־מאסען.

סיי די רוסישע פאבריקאנטען און סיי די רוסישע אגראריער האבען בלויז אין זינען זייערע שמאלע קלאסען־אינטערעסען. די פאבריקאנטען ווילען ניט בלויז איינהאלטען דעם הויכען אבצאהל אויף אויסלענדישע פראָדוקטען, נור אין גאנצען זיי ניט ארויפלאזען אויף'ן רוסישען מארק. און זיי נעהמען ניט אין אכט, וואס דער הויכער טאריף־אבצאהל שעדיגט ניט בלויז די אינטערעסען פון דער גרויסער מאסע געברויכער, נור שטערט אויף דער ענטוויקלונג פון דער רוסישער אינדוסטריע. דער אבמאך פון 1904 האט צ. ב. ש. געהעכערט דעם אבצאהל אויף דאמפף־מאשינען פון 2 רוב. 10 קאפ. ביז צו 3 רוב. 20 קאפ. אויפ'ן פוד, און דאס האט געבראכט דערצו, אז בויען א פאפיער פאבריק צ. ב. ש. קאסט אין רוסלאנד דאפעלט אזוי טייער ווי אין ענגלאנד.

און וואס שייך די רוסישע גוטסבעזיצער רעכענען זיי זיך אודאי ניט מיט די אינטערעסען פון דער מעהרהייט פון דער רוסישער בעפעלקערונג. פון איין זייט, קלייבען זיי זיך ארויפצולייגען אן אבצאהל אויף דייטשע ווייץ און עס ארט זיי ניט, וואס דאס וועט ארויסרופען א נייע פערטייערונג פון די שפייז־פראָדוקטען, און די ערשטע דערפון צו ליידען וועלען זיין דער ארבייטער און דער פויער. פון דער אנדער זייט, אויסער דעם קאמפף מיט דייטשלאנד פאר'ן מארק, פיהרען זיי נאך א קאמפף פאר ביליגע הענד. כדי ארונטערצוזעצען דעם לוין פון די לאנדארבייטער אין די מערב־ און דרום־גובערניעס, שעהמען זיי זיך ניט צו קומען מיט א פארשלאג, און פיעלע „ליבעראלע“ פראָפעסאָרען באמקען זיי נאך צו, צו פערווערען הונדערטער טויזענדער פראָלעטאריער ארויסצופאהרען קיין דייטשלאנד אויף ארבייט, אוועקצונעהמען פון מענשען דאס רעכט פריי זיך צו בעוועגען, דאס רעכט צו פערקויפען זייער ארבייט דאָרט, וואו זי ווערט אם בעסטען בעצאהלט. און צולעצט, זיינען זייערע אלע קלאג־געשרייען וועגען דעם, וואס רוסלאנד ווערט נעבאך א קאלאָניע פון דייטשלאנד, ניט מעהר ווי אן אנשטעל. וואס זיינען זיי דען מעהר אויסען, ווען ניט ארויסצוטראנספאָרטירען קיין דייטשלאנד וואס מעהר ווייץ, וואס מעהר חזירים, פיה, פלייש פון אלע מינים? פאר דעם צוועק שטעלען זיי זיך

ניט אָב פּאַר קיינע מיטלען — צי דורך מלוכה־צינזען, צי דורך שוידערליכע עקספּלאָאַטאַציע — און רייסען ארויס ביים רוסישען פּויער דאָס לעצטע שטיקעל ברויט, די לעצטע קוה און דעם לעצטען חזיר. רוסלאנד איז שוין איצט דאָס אָרימסטע לאַנד אויף דער וועלט לויט דער צאָהל פּיה אויף יעדען איינוואוינער. בעת דאָס אינדוסטריעלע דייטשלאנד צעהלט 318 שטיקלאך פּיה אויף יעדע טויזענד איינוואוינער קומט אויס אין אַגריקולטורעלען רוסלאנד קוים 247 אויף יעדע טויזענד; אין דייטשלאנד 341 חזירים אויף טויזענד איינוואוינער, אין רוסלאנד 99, ד. ה. 4 מאָל ווייניגער*). פון דעסטוועגען אימפּאָרטירט נאָך דייטשלאנד פון אויסלאנד פלייש און פּיה, און רוסלאנד עקספּאָרטירט. דערפאר זעהט זיך טאַקע דער רוסישער פּויער מיט אַ שטיקעל פלייש ווען ניט ווען אין אַ יום טוב און ער עסט ברויט געמישט מיט קלייען. איז דען אַ וואונדער וואָס דער רוסישער פּויער דעגענערירט וואָס פון טאָג און די צאהל בלינדע, הויקערדיגע, קאַליקעס פון אלע מינים און גלאט קרענקליכע וואקסט גאָר אויף אַ שרעקליכען שטייגער?

אלזאָ, זעהען מיר, אַז אין גרונד פון דער פיינדשאַפט, וואָס האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין אַזאַ שארפער פאָרם צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד, ליעגט אַן ערנסטער עקאָנאָמישער קאָנפליקט צווישען די הערשענדע גרופּען פון ביידע לענדער. די אינטערעסען פון די אגראריער פון ביידע לענדער, פון דעם דייטשען יונקערטום און דעם פעראייניגטען רוסישען אדעל, געהען להיפּוך איינע צו די אַנדערע. און אזוי ווי דיעזע ביידע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גרופּען פערנעהמען דעם אויבען־אָן, יעדע אין איהר לאַנד, איז שווערליך צו גלויבען, אַז די ביידע לענדער וועלען אזוי גיך מאַכען אַ וועלכע עס איז וויכטיגע הנחה איינס דאָס אַנדערע אין דער פראגע פון טאַריף. יעדער צד וועט זיך לאַנג האַלטען ביי זיינס.

מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָט אַ קאָמיסיע פון דער רוסישער דומא אָנגענומען דעם פּראָיעקט פון די אגראריער ארויפצולייגען אַן אבצאהל אויף דייטשע תבואה, וואָס ווערט געבראכט קיין רוסלאנד — צו 30 קאָפּיקעס פון פּוד. דאָס איז דער אָנהויב פון דער טאַריף־מלחמה, אַ מיטעל פון די רוסישע אגראריער צו צווינגען די דייטשע רעגיערונג זיך אָבצוזאָגען פון איהר אלטען אַגראַרישען קורס. דאָס איז דער ערשטער שאָס און נאָך איהם וועלען קומען אַנדערע. אָהן שום ספק, דייטשלאַנד וועט ניט בלייבען שולדיג קיין ענטפער. דייטשלאנד, ווען נויטיג, קאָן צ. ב. ש. ענטפערן מיט אַ רייהע סאניטערע געזעצע, וואָס וועלען אין גאנצען פערשליעסען די דייטשע גרענעץ פאר רוסישע פלייש און רוסישע פּיה.

8. דער פּאָליטישער שרויף.

אַזוי ווי ניט דייטשלאנד און ניט רוסלאנד האָבען ניט גענוג כוח צו צווינגען דעם געגענצד צו אַן ערנסטער הנחה, *וועט, העכסט וואַהרשיינליך, דער נייער אבמאך זיין א ווידערהאָלונג פון דעם אַלטען, פון דעם יאָהר 1904, נור מיט קליינע ענדערונגען.* וואָס מען זאָל אונז ניט דערצעהלען, אַז מיר שטעהען פאַר אַ קריעג צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד, גלויבען מיר, אַז „די זופּ ווערט ניט געגעסען אַזוי הייס ווי זי ווערט געקאָכט“, און אַז די ביידע צדדים וועלען ווי עס איז דורכקומען אויף אַ קאמפּראָמיס, נאָכגעבענדיג איינס דאָס אַנדערע אַ פּאָר אונוויכטיגע פּונקטען.

דאָך, אויף אַ געהיימער זיצונג פון 1טען מערץ 1914, וואָס די פאָרשטעהער פון דער רוסישער רעגיערונג און פון די דומא־פראקציאָנען האָבען אָבגעהאַלטען צווישען זיך, איז בעוויליגט געוואָרען אַן עקסטרא־קרעדיט פון 500 מיליאָן רובעל אויף דער פערשטאַרקונג פון דער רוסישער אַרמיי. פערשטעהט זיך, אַז דייטשלאנד און עסטרייך וועלען אויף דעם ענטפערן מיט נייע בעוואפנונגען. און זיי וועלען נאָכטהאָן פראנקרייך, איטאַליען און אַנדערע גרעסערע און קלענערע מלוכות.

אזוי וועלען זיך די בעוואַפנונגען איבערטראגען פון לאנד צו לאנד, געהענדיג אין דער רונד און שטייגענדיג אַלץ העכער. אַזוי ווי עס בעוועגט זיך א שרויף. און דער דלות און די ליידען און די קנעכטשאַפט פון די פאָלקס־מאַסען וועלען זיך מעהרען און מעהרען. און ווען דער שרויף וועט האָבען געמאַכט אַ פולע ווענדונג און אָלע אייראָפּעאישע מלוכות וועלען האָבען אויסגעגעבען נייע און נייע מיליאַרדען אויף בעוואפונגען, וועט די לאַגע בלייבען ווי געוועזן. דאָס פערהעלטניס פון די כוחות וועט בלייבען דאָס זעלביגע. דייטשלאַנד וועט ניט זיין שטאַרקער פון רוסלאַנד, ווי עס איז איצט, און רוסלאנד וועט ניט זיין שטאַרקער פון עסטרייך, ווי עס איז איצט.

און דאַן וועט קומען א נייער עקאָנאָמישער קאָנפליקט, און א נייע קריעגס־העצע, און א נייער עקסטרא קרעדיט אויף בעוואפנונגען, און די בעוואפנונגען וועלען נעהמען געהן אין דער רונד, פון לאנד צו לאנד. און אַזוי לאנג ביז אַן אַלגעמיינער באַנקראָט אָדער די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט ניט מאַכען אַ סוף צו דעם סיסטעם פון בעוואפענטען פריעדען.

*) שוין ניט רעדענדיג וועגען די פעראייניגטע שטאַאטען, וואו אויף יעדע טויזענד איינוואָהנער קומט אויס 630 שטיקלעך פיה און 710 חזירים.

משה סטאַווסקי

דער „יתום“

(ארץ ישראל שטריכען)

(ענדע)

די צווייטע מעשה איז פּערלאָפן אין גליל, אין אַ אידישע קאָלאָניע. אנהויב זומער, דער שניט איז שוין געענדיגט, די תבואה אויפ׳ן גורן, נאָך נישט געדראָשען, מ׳וואַרט אויפ׳ן עשר. די רעגיערונגס חיל האָבען די פּערד צוגעבונדען און שלאָפען אויפ׳ן גורן, נאָר צוויי אידישע חילים פון „השומר“ היטען אָפּ די תבואה. דער גורן איז אויף אַ באַרג, אַ טויאיגע נאַכט, אָנהויב חדש, די לבנה האָט זיך ווי אַ שמאָלער סערפּ געוויזען און וועט באַלד פּערגעהן, הערט מען טריט אונטערן באַרג, טריט פון פּערד, עטליכע רייטער, פּאָהרען צו די שומרים צום באַרג־אַב. די לבנה שטעהט ניעדעריג, פון אונטען אַרויף זעהט מען, פון אויבען אַראָפּ קיינעם נישט. פרעגען זיי : ווער איז דאָרט ? ענטפערט מען פון אונטען מיט אַ שאָס. שיסען זיי צוריק אין דער פינסטער. ענטפערן יענע נאָך אַמאָל, ווערט אַ שיסעריי. פּלוצים הערט מען ווי אונטען האָט עפּעס אַ שווערעס אַ זעץ געטהון מיט אַ קרעכטס — אַ פערד איז געפאַלען. רייסט מען אַ מינוט איבער. פון אונטען אַרויף זעהט מען, ציעלעוועט זיך אַ גנב צו איינעם פון די שומרים אין האַרצען. נאָר פּלוצים האָט די שקאַפּע, אויף וועלכע דער שומר איז געזעסען, אַ ריס געטהון די קאָפּ אַרויף, און די קויל איז איהר אדורך פון׳ם אויג, דורך דעם קאָפּ מיט׳ן מאַרך אַרויס . . .

ווען די זעלנער האָבען זיך אויפגעוועקט און מ׳איז אָנגעלאָפען פון קאָלאָניע, איז שוין קיינער נישט געווען. אויפ׳ן באַרג און אונטער׳ן באַרג זיינען צוויי טויטע שקאַפּעס געלעגען, נור אַרום דער, וואָס איז געלעגען אויבען, האָט אַ יונג לאַשאַקיל אַרומגעטאַנצט, וועלכע זי האָט ערשט צוריק מיט דריי וואָכען געבוירען. ער איז געווען צושראָקען, אַרומגעשמעקט דער מאַמען און נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. באַלד האָט מען דער שקאַפּע מיט דעם געהעריגען כבוד צו קבורה געבראַכט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסע יחסנית און העלדין, וואָס האָט מיט איהר לעבען בעצאַהלט פאַר׳ן לעבען פון איהר רייטער, און דעם יתום האָט מען גענומען אין קאָלאָניע, געגעבען טרינקען מילך פון אַ פלאַש, געבאַרשט און געוואַשען, ביז ער איז אַלט געוואָרען דריי חדשים : דעמאָלט איז געווען אַ זיצונג פון „השומר“ און מ׳האָט דאָס „איהם“ אָנגעטהון דעם כבוד און אַוועקגעגעבען דעם יתום צו האָדעווען, אויף דער העלפט, העלפט איהם און העלפט דער אָרגאַניזאַציע . . .

אַז דער יתום וועט אונטערוואַקסען, — האָט ער שוין גערעדט ווי צו זיך אַליין — נאָך אַ יאָהר, אַנדערהאַלבען, ער וועט שעהן זיין, דאָס איז ער זיכער, זיין מאַמע איז געווען די בעסטע שקאַפּע אין געגענד. אַז דער שומר פּלעגט איינשלאָפען און זי האָט דערשפּירט גנבים, האָט זי איהם מיט די ציין ביים אַרבעל געוועקט און דערנאָך געפיהרט אויף זיי . . . אַז דער יתום וועט אונטערוואַקסען, וועט ער דער שקאַפּע אָבשטעלען אויף האָדיליע, זאָלען אידישע שומרים האָבען אייגענע פערד און ער וועט רייטען אויף יתום׳ן—רייטען אויף יתום׳ן, חזר איך איבער זיינע ווערטער. אַ מינוט גלויבט זיך עס מיר נישט. נאָר ווי איך האָב זיי פון מויל אַרויסגעבראַכט האָט זיך מיר געדאַכט ווי די פּאָר ווערטער האָבען זיך מאָדנע העל אין דעם גרויען פאַרטאָג איבער׳ן שטוב צוטראָגען, זיינען דורך דעם פענסטער און זיינען אַוועק, ווייט, ווייט, ערגעץ אין גליל, צו אַ בערגעל דאָרט, וואו זיין מאַמע האָט איהר העלדישען טויט געקראָגען . . .

— — — — — — — — — —

אין דער פריה, אַז איך בין אַריין אין שטאַהל, האָב איך בנימין׳ס שקאַפּע גלייך דערקענט אָן דער ליסענע, וואָס אויפ׳ן פּנים און ווייסען פּלעק אויפ׳ן פּוס. זי האָט דאָס ברעקעל קעפּעל אויף אַ זייט פערדרעהט און קלוג געקוקט אויף מיר. נעבען איהר ווי נעבען אַ מאַמע׳ן איז געשטאַנען יתום מיט׳ן גרויסען בויך. אוןביידע האָבען געגעסען פון איין קעסטעל. איך האָב זיי געגלעט און צוגעבאַרשט דעם יתום, אויסגעפלאַכטען די גריבקע אין צעפּעלאָך און אַריינגעפלאָכטען אַ רויט סטייננגעלע, וואָס איך האָב ביי דעם בעל הבית׳ מיידעל פון קאָפּ אַרויסגענומען. דערנאָך האָב איך זיי אָבגעבונדען, דורכגעגאַנגען מיט זיי דורך דער גאַס צום ברונעם און אָנגעטרונקען . . .

די צווייטע נאכט האט זיך מיין רייטער פון מיר אבגע'גנב'עט פאר טאג, זיך געזעצט אויפ'ן פערד און פערשוואונדען. ווען איך האב מיך אויפגעוועקט איז שוין געווען ליכטיג, איבער'ן צימער האט זיך געטראגען א פריינדליכער שנארכען פון אכט געזונדע בחורים, וואס האבען ערשט געווארפען די וואך.

אן אומעטיגער רעגענדיגער פריה־מארגען, קאלט און באנג, דער קלונג איז שוין געוועזן, די ארבייטער זיינען אוועק צו דער ארבייט. ארום ברונעם קלייבען זיך בהמות צי־געהן אויף פאשע ; זיי זיינען פויל און לאזען זיך נישט ארויסטרייבען פון שטאהל. ווער עס האט א שטיקעל נאך נישט דרעאקערט פאלכע שיקט ארויס דעם יאהריגען אראב מיט א פאר מוילעזלען צו צואקערן.

פון די ארומיגע דערפער זיינען בארוויסע אראבער מיט שמוציגע „אבאיעס"— אין שווארצע און ווייסע פאסען ווי טליתים איבער די קעפ, געקומען אין קאלאניע מיט גרינס, עופות און אייער צו פערקויפען. — בעל־הבית'טעס, וואס זיינען געוועהנט פריהער אויפצושטעהן, זיינען ארויס אין שלאף־רעק מיט שירעמס איבער די קעפ, א קאשיק אין האנד, אין מארק ארייון איינצוקויפען אויפ'ן טאג.

איך בין אוועק צום דילעשזאנס — א וועגעל מיט 6 געזעס, דריי געשפאנטע פגירה'ס, א פערטע צוגעבונדען פון הינטען אויף זאפאס, דאס איז דער דילעשזאנס. א גראב אידעל מיט לישאעס אויפ'ן פנים ביי די פערד, און 4 אידען מיט האלב ראזירטע האלב געשארענע בערד א לא פאריז און אין פאפירענע קראגען זיינען די פאסאזשירען..

באלד ווי מיר האבען זיך געריהרט, זיינען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען צוויי אבגעריסענע קינדער, האבען זיך איינגעקלעפט אין וואגען מיט א געוויין, דער טאטע זאל זיי מיטנעהמען אין שטאדט. די מאמע איז טויט און אז דער טאטע פאהרט אוועק, איז ניטא ווער עס זאל זיי געבען עסען. דער אידעל מיט די לישאעס האט שטארק געשמיסען די פערד און געשאלטען אין טאטען אויף אראביש. א פאר מאל האט ער זיך צוגעשטעלט, אראפ פון וואגען — און האט די קינדער ווייט פעריאגט מיט'ן בייטש — נאר ער האט נאך נישט בעוויזען זיך צוריק צו זעצען אויפ'ן וואגען, זיינען זיי שוין ווידער דא געווען און האבען אזוי מגושם'דיג געשריגען ווי די מאמע וואלט זיי אט ערשט געשטארבען . . .

אט זיינען מיר פערביי די הויכע שול. א גאנעק מיט א שילד „בית־מרקחת", א בלעטעל „בית־הספר", און אט איז דער הר־הישמחה. איך האב מיר דערמאנט אן יענעם אווענד און אן דער מיידעל : — אמאל, זיינען געווען ארבייטער, זיינען זיי פרעהליך געווען, האבען זיי געארבייט, געפייבערט, געזונגען און געטאנצט, און היינט האבען זיי התונה געהאט, געווארען בעלי־בתים, פאהרען אין שטאדט ארייון אין דער „א.— פ.— באנק", אנגעטהון שבת'דיג מיט פאפירענע קראגען. און פון די ארומיגע דערפער טראגען די אראבער טאג טעגליך אין קאלאניע ארייון גרינס צו פערקויפען . . .

ווי צוויי קלארע געדאנקען אין א פינסטערע נאכט, ווי צוויי בליצען, האבען זיך פלוצים געוויזען צוויי רייטער פון א באיארע ארויס. בנימין מיט לוי. זיי האבען אונז דערזעהן פון דער ווייטענס און זיינען צוגעפאהרען מיך בעגלייטען און יעדער האט א הענגעל מאראנצען געבראכט צום אבשייד, גאלדענע עפעל אויף גרינע בלעטער.

מיר פאהרען שטיל. עס האבען זיך אנגעהויבען טיעפע זאמדען. וויא—וויא — אין דער לופטען פייפט דער בייטש, דער דיקער אידעל שפייט און די פערד פאכען מיט די זייטען. און פון ביידע זייטען וועגעלע געהען די רייטער, טריט ביי טריט, מיט די בורקעס אויף די אקסלען און די ביקסען אויף די בורקעס. לוי'ס שקאפע שטעלט זיך אב אלע וויילע, א הויב דיבאם, א שפרונג, א דרעה זיך אוים און אוועק ווייטער, און בנימין'ס קלוגע שקאפע קלייבט איבער ביים זייט א שמאל הארט סטעזשקע, אויף וועלכע עס וואלט קוים א מענש געקאנט געהן, יתום טהוט איהר נאך. איך בין אראפ פון וואגען, און געה מיט, מיין האנד איבער יתום'ן. א ווייך מאכנאט האר, וואס גיעט זיך אונטער אזוי אנגענעהם אונטערן האנד און שטעלט זיך גלייך צוריק אויף. די סטיינגעלע, וואס איך האב נעכטען איינגעפלאכטען, איז שוין ברודיג און דורכגעווייקט פון רעגען. איך האב זי אויסגעפלאכטען, דערנאך האב איך די גריבקע, וואס האט זיך אין גאנצען אין לאקאנעס איבערן האלז צוליגט, דורכגעקעמט מיט די פינגער, ארויסגעווארפען א שטרייעלע, און פעררירכט די צופרינקע איבערן שטערן צווישען די אויערן . . .

— לוי—זאג איך—זאלסט זיך שאפען אן אנדער שקאפע, די איז נישט פאר א וועכטער, צו נארעש.

— ער וויים, ער האט שוין געשיקט מעקלער, ער האט גאר הויך געווארפען איין אויג...

— בנימין, היט דעם יתום, גיעב איהם נישט קיין גערשט, בעסער פאשע טרוקען גראז, גריסט די חברה, א דאנק, פאהרט געזונד, שלום, שלום.

ווי א שטורעם האבען זיי זיך אוועקגעטראגען, איך האב זיך אבגעשטעלט און נאכגעקוקט. דער יתום איז זיי נאכגעשפרונגען אויפהויבענדיג ביידע פאדערשטע פיסלאך אונטערן בייכעל און צוריק פאראויסגעווארפען. דעם ווײדעל

האָט ער אונטער זיך פערשטעקט אזוי ליעב און נאַרעש. און איך האָב ביי זיך געקלערט: אין מיינע אויגען ביכטו גאָר נישט ווערט, נאָר מיט דעם זכות פון דער ליעבע, מיט וועלכע אַלע האָבען דיר ארומגערינגעלט, און דעם זכות פון די סך חלומות וואָס בנימין חלומ׳ט אין דיר, „זאָל זיין דער ווילען אַז די קינדער זאָלען נישט פערשעהמען די עלטערן . . .“

ליעבע, זאָגט אַ בעריהמטער פּאָעט אין איין אָרט, איז אַ ווינטעל, וואָס רוישט צווישען בלומען, אַ זומער־נאַכט מיט שטערען אויפ׳ן הימעל און בשמים אויף דער ערד, אַ געל פייערל, וואָס בלאָנדזעט אין בלוט.

ליעבע, זאָג איך, איז אַ צוג־ווינד, וואָס קומט ווען אַלע טהיר און פענסטער זיינען פערמאַכט, און דו ווייסט נישט ווי אַזוי און פון וועלכער זייט . . .

וועמען אייגענטליך האָב איך ליעב געקראָגען, וועמען צוליעב וועמען. צו בנימין׳ען צוליעב דעם יתום אָדער פערקעהרט? איך ווייס נאָר אז זיי האָבען זיך צו מיר אין הארץ אריינגעריסען און ווייס נישט ווי אזוי . . .

אין א פּאָאר וואָכען ארום בעקום איך א גרוס, אַן ארבייטער איז געקומען און איז אריינגעגאַנגען א ביסעל דערצעהלען פון יתומ׳ן, איך שטעה איבער איהם, און וויל וויסען: ווי ער זעהט אויס, היט מען איהם מיט׳ן עסען? לאָזט מען איהם נישט צו קיין פרעמדע שקאַפּעס?

דערנאָך קומען שוין די גרוסען אָפטער. ווער עס קומט פון קאלאניע געפינט פאר נויטיג אַריינצוגעהן און אָבגעבען אַ גרוס. מ׳טרעפט מיר נישט אין שטוב, איך קום פון גאס — מיין חבר געהט מיר אנטקעגען.

— „האָסט אַ גרוס!“

— „פון יתומ׳קע?“ ווייס איך פּאָראויס.

עס קומט אַ שומר, פּאַרשאַרט דעם ארבעל און ווייזט מיט שמחה צוויי רייהען צייהן אויף דער האַנד. חברה רייצען זיך מיט איהם: מ׳וואַרפט ארויף עפּעס אויפ׳ן קאָפּ און מ׳געהט איהם שרעקען. ציהט ער אויס דאָס קעפּעל, פערלייגט די אויערן און בייסט. ערשט יאָגט ער שוין נאָך, אז מ׳בעווייזט זיך נאָר דרויסען און ער האָט שוין ביי אלע שומרים די מלבושים צוריסען.

און אז איך טרעף בנימינ׳ען, פעהלט אויס ווערטער, מיר דריקען זיך די הענד און קוקען איינער דעם אנדערן אין די אויגען — וואָס מאַכט יתום? וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט די שקאַפּע? . . .

אין אַ האַלב יאָהר אַרום אַן ערך האָבען מיר זיך ווידער אַלע צוזאַמען געטראָפען, עס איז חומ״א פּסח— פון אַלע וועגען ציהען זיך פּוהרען, רייטער און פוסגעהער — עקסטרע באַהען קיין רחובות, צו דער חגיגה, אנגעטהון יום־טוב׳דיג אין ווייס און שוואַרץ, און באַלד איז די גאַנצע קאָלאָניע פול געוואָרען — וואו ערגעץ אַ טעראַסע, אַ פלאַכער דאַך . . .

יתום האָט זיך א סך אומגעביטען, געוואָרען גרעסער, שעהנער, דער בויך איינגעצויגען, און ווילד, לאָזט זיך פון קיינעם נישט נעהמען. דער ווידעל נאָך מיאוס׳ער, נאָר דאָס איז שוין אַזאַ עלטער ביי פערד, ווען דער ווידעל איז נישט קורץ און נישט לאַנג, און די געגרייזעלטע האָר הויבען אָן צו ווערען גלייך און האַרט.

בנימין מיט דער שקאַפּע ווייניג געביטען, נאָר עס איז דאָ עפּעס וואָס בעאונרוהיגט אַלע שומרים. — עס זיינען אויך פון גליל געקומען צו דער חגיגה, און עס איז דאָ א בחור׳ל אַ קאָלאָניסטס אַ זוהן, האָט ער אַ נבלה פאַר 8 נאַפּאָליאָן און יאָגט אַלעמען איבער, ער וועט געווים נעהמען דעם פּרס — עס זיינען דא דאפיר, אַז די שומרים זאָלען גאָר נישט נעהמען קיין איינטייל אין „לויפען“, עס איז אַ חרפּה ארויסצוגעהן קעגען אַזאַ פערד, מ׳דארף אויפהאַלטען דעם כבוד פון שומר. די איבעריגע מיינען אַנדערש: פאַרפאַלען — מ׳קען קיין שמחה נישט פערשטערען.

פאַר־נאַכט, דער קלאַרער, ווי מיט הייסע זילבער בעגאָסענער פריהלינגס־טאָג — האַלט שוין צו ענדע; די זון האָט איהר וועג דורכגעמאַכט, אָט וועט זי באַלד הינטערן שוהל זיך אַראָפּזעצען און פון דאָרט אין ים פערשווינדען. דאָס לייכט ווינטעל, וואָס קומט פון מדבר, וואָס האָט פון נאָך מיטאג ווי פון אַ הייסער אויווען מיט היטץ געבלאָזען און פערשלאָגען דעם אטהעם, איז שטיל געוואָרען, דער עולם האָט פרייער אָפּגעעטהעמט, פאַרמאַכט די שירעמס און זיך אויסגעזעצט באַרג־אַראָפּ מיט׳ן פּנים צום גרויסען פּלאַץ — וואָס איז אָפּגעצוימט און בעפּוצט מיט פאָהנען — וואו עס זיינען אַלע שפּילערייען פאָרגעקומען — און וואַרטען ערשט אויף דעם לעצטען, דעם אינטערעסאַנטסטען,

עטליכע זיינען שוין דורך, דורך הונדערטער קלאַפּענדע הערצער זיינען זיי דורך, און אָבגעשטאַנען. עס זיינען נור געבליעבען דריי די לעצטע און די בעסטע: בנימין, מיט נאָך צוויי, איך און צוויי שומרים פוס־געהער האַלטען צו דעם יתום, ער זאָל נישט נאָכלויפען דער שקאַפּע און נישט פלאָנטערן פאַר די פיס.

אָט האָבען זיי זיך גענומען גרייטען: אויסשטעלען און אויסגלייכען, און מיר פיערדריי מענשען און דער יתום — האָבען די בליקען איינגעגראָבען אהין, דאָרט וואו די האַנד מיט דער פאָהן איז אויפגעהויבען און דארף זיך באַלד אראָפּלאָזען . . . דאָרט וואו דריי מענשען מיט דריי פערד האָבען זיך אין איין ליידענשאַפט, אין איין ווילדען פערלאַנג — צוזאַמענגעגאָסען.

אַי . . . ! — האָט זיך ביי אַלעמען פון ברוסט ארויסגעריסען. מיר האָבען האַסטיג אָפּ־געלאָזען יתום'ן.—

„בנימין האָט פערשפּעטיגט !" . . .

אויפ'ן פּלאַץ איז געוואָרען א טומעל און א געלויפעריי — אַלע האָבען געשריגען.

— יענע שקאָפּע מיט'ן נאַרעשען גרויסען קאָפּ איז א נבלה — האָב איך, נישט מיט מיין קול געשריגען, — א נבלה, אַכט נאַפּאָליאָן האָט מען בעצאָהלט פאר איהר, א רעכטער רייטער שעהמט זיך צו פאָהרען אויף אזא שקאָפּע ! . . .

ווידער איז מיר א צייט נישט אויסגעקו־מען זיך צו זעהן מיט זיי. בנימין'ען האָט מען איבערגעשיקט אין גליל אין א קליינעם אָרט, א פערוואָרפענעם, זעלטען ווער עס פּאַרבלאָנ־דזעט אַמאָל אַהין. נאָר איין־און־איינציג מאָל האָב איך געהאַט אַ גרוס פון זיי, וועלכער האָט מיך בעפרידיגט. בנימין איז אין אָן אָרט פון לויטער פּאַלבע—פּאַשע ביז'ן בויך. יתום וואַקסט ווי אויף הייוועז, ער איז געוואָרען הויך און לאַנג — נאָר פּאַשע האָט איהם געפעהלט אין יהודה . . .

בנימין לעבט רוהיג, דאָס לעבען קאָסט ביליג, דער אָרט איז א שעהנער, פאר'ן פערד גיעט מען גאָר נישט אויס. און ער האָט זיך שוין אויסגעצאָהלט „א מויזער־ביקח".

מיט א קורצע צייט צוריק, איך קום אַהיים, מיין קינד'ס מאַמע בעגעגענט מיר, שיינענדיג :

— „דו האָסט א גרוס".

א מינוט קלער איך . . .

— „פון יתום'ן !"—ווי איז עס מיר גלייך נישט איינגעפאַלען.

זי האַלט אָבער צו די טהיר פון צווייטען צימער און רייצט זיך מיט מיר :

—אנו, טרעף ווער איז האָרט ?

איך וויל טרעפען און ווער אונגעדולדיג.

— „בנימין" — זאָג איך — אָבער עפען שוין די טהיר !"

אין צימער איז געווען בנימין מיט נאָך אַן אונבעקאַנטען. מיר האָבען זיך שטאַרק גע־דריקט די הענד און געקוקט אין די אויגען, און באַלד האָב איך זיך דערוואוסט פון דריי זא־כען :

א) ער האָט חתונה געהאַט.

ב) דער שקאָפּע האָט מען צוגענומען אין דער מלחמה מיט די באַלקאַנ־פעלקער.

און... ג) ער האָט אָנגעהויבען רייטען אויף יתום'ן.

זיין האַנד איז נאָך געווען אין מיינע, איך האָב מיך צוגעבויגען (ער איז א סך ניעדריגער פון מיר) און מיר האָבען זיך הילכיג צוקושט...

— — — — — — — — — — — —

א. יפה

דר. ח. זשיטלאָווסקי, אלס פילאָזאָף

(פאָרטזעצונג)

3. מאַטעריע און מאַטעריאַליזם.

דר. זשיטלאָווסקי ערקלערט זעהר דרייסט, אז דער מאַטעריאַליזם גוס'ט, אז ער הענגט אין גאַנצען אויף איין האָאר און אז די מאָ־דערנע וויסענשאַפט האָט זיך פון איהם אין גאַנצען אָבגעזאָגט. און זשיטלאָווסקי שטעלט א קלאָץ־קשיה : „צי קאָנען מיר זיך נאָך ארומ־שלעפּען אין אונזער וועלט־אַנשויאונג מיט א בר־מנן ?" דער ענטפער איז זעלבסטפער־שטענדליך. זשיטלאָווסקי קאָן ניט מסכים זיין דערויף, אז דער גורל פון זיינע אידעאַלען זאָל זיין פערבונדען מיט דעם גורל פון א פעראַל־טעטען וועלט־בילד. האָט דאָך, לויט זשיט־לאָווסקי'ן, איין נאַטור־פאָרשער נאָך דעם צוויי־טען זיך אין גאַנצען אָבגעזאָגט פון דעם מאַטע־ריאַליזם, זיי האָבען „העפליך ערקלערט, זאָגט זשיטלאָווסקי, אז מען קאָן גאַנץ גוט אויסקו־מען אָהן זיין הילף, דערנאָך געגעבען איהם, דעם אַלטען, אויסגעניצטען זקן, — די „קאַפּו־לער אָנצוהערענים", אז מען ווייסט ניט, וואו אַהין צו טהאָן איהם אין דער וויסענשאַפט, ביז מען האָט איהם אָפען און עהרליך פּענסיאָ־נירט אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע".

(ז. 59, 2טער באַנד געזאַמעלטע שריפטען).

אזוי קומט אויס, לויט זשיטלאָווסקי'ס שילדערונג, אז דער מאַטעריאַליזם מוז אָבטרע־טען זיין פּלאַץ סיי אלס וועלט־אַנשויאונג, סיי אלס נאַטור־וויסענשאַפטליכע מעטאָדע אָדער טהעאָריע — דעם אידעאַליזם.

דערביי פערגעסט דאָך ניט זשיטלאָווסקי די פערדיענסטען פון דעם מאַטעריאַליזם און מאַכט איהם א שעהנעם הספד. „דער מאַטע־ריאַליזם — שרייבט ער — האָט געהאָלפען פערטרייבען פון דעם מענשליכען געדאַנק און פון דער וויסענשאַפט די אַלע שדים און רוחות, מלאָכים און לענטעכער, „סימפּאַטישע“ און „אַנטיפּאַטישע“ כחות, גליקליכע און אונגליק־ליכע צאָהלען, מזל’דיגע אָדער ניט מזל’דיגע טעג, צייטען און צייכענס, „עין הרע’ס“ און דבוקים און די גאַנצע מחנה ציטערניסען און פּחדים, וואָס האָבען געלעבט און לעבען נאָך אין דעם מענשען’ס נשמה, ווי א ירושה פון די אַלטע צייטען. זיי זיינען, אמת, נאָך ניט אין גאַנצען פערטריבען געוואָרען פון אונזער „אונבעוואוסטען“ שכל, אָבער פון דעם שכל און פון דעם קלאָרען געדאַנק זיינען שוין ארויס־געיאָגט געוואָרען און קיין סיסטעם אין דער וועלט האָט ניט אזוי גרינדליך אויסגערייניגט זיי פון אונז, ווי דאָס האָט געטהאָן דער מאַ־טעריאַליזם, וואָס האָט אין גאַנצען מבטל גע־ווען די זעלבשטענדיגע עקזיסטענץ פון א וועל־כען עס איז „רוחניות’דיגען“ פּרינציפּ“. (זיי־טען 61-62).

דאָס איז זעהר שעהן געזאָגט. דער גרע־סטער פערדיענסט פון דעם מאַטעריאַליזם, אַנערקענט זשיטלאָווסקי, איז דאָס, וואָס ער האָט אין גאַנצען מבטל געווען די זעלבשטענ־דיגע עקזיסטענץ פון א וועלכען עס איז „רוחניות’דיגען“ פּרינציפּ. איז דאָס אָבער דאָס גרעסטע פערדיענסט, טאַ פאַר וואָס זשע שטרעבט זשיטלאָווסקי, צוזאַמען מיט אַלע אידעאַליסטען, ווידער איינצופיהרען דאָס „רוחניות’דיגע“ פּרינציפּ? פאַר וואָס־זשע קעהרט ער זיך אום צוריק צו די „שדים“ און „רוחות“ — צו דער אַלטער ירושה, מיט איין וואָרט, וואָס האָט נור אָנגעמאַכט צרות? פאַר־וואָס־זשע וויל ניט זשיטלאָווסקי איינמאָל פאַר אַלע מאָל גרינדליך ליקווידירען אָט די אַלטע ירושה, וואָס איז אזא גרויסע ס אָ צ י אַ ל ע מאַכט, וואָס שפּיעלט אזא גרויסע ראָלע אין געזעלשאַפטליכען לעבען. אָט די אַלע שדים און רוחות העלפען מיט צו פערשקלאַפען דעם מענשען, מאַכען איהם אבהענגיג פון קרעפטען, וועלכע ער קאָן נור „אָנבעטען“, אָבער ניט ענדערען, פערטומלען און פערפינסטערען זיין בעוואוסטזיין. און אויב מיר זיינען טאַקע פער־אינטערעסירט אין דעם גורל פון אונזערע אי־דעאַלען, איז קלאָר, אז זיי דאַרפען, קאָנען און מוזען זיין פערבונדען נאָר מיט דער מאַטעריאַ־ליסטישער וועלט־אַנשויאונג.

זשיטלאָווסקי שטרעבט צו ראַטעווען דעם „ראַדיקאַלען“ געדאַנק. דער ראַדיקאַלער גע־דאַנק איז נור היסטאָריש פערבונדען מיט דעם מאַטעריאַליזם, מיינט זשיטלאָווסקי. היינט האַלט דער מאַטעריאַליזם אָבער ניט אויס קיין שום קריטיק. דעריבער מוז מען, כדי צו ראַ־טעווען דעם ראַדיקאַלען געדאַנק, זיך אָבזאָגען פון דעם מאַטעריאַליזם און בעגרינדען איהם אויף אַן אַנדער אופן. דער סוף אָבער איז, אז צוזאַמען מיט דער וואַנע, ווי דער דייטש זאָגט, פּליסקעט זשיטלאָווסקי אויס אויך דאָס ראַדיקאַלע קינד.

דער מאַטעריאַליזם איז א דואַליסטיש סיסטעם, שרייבט זשיטלאָווסקי. „פון א מאַ־טעריאַלען פּראָצעס קאָן מען בשום אופן ניט אריבערשפּרינגען אויף א פּסיכישען געשעהן, פון אַן אטאָמען־טאַנץ אויף אַן עמפּפינדונג. דער דואַליזם פון מאַטעריע און עמפּפינדונג בלייבט בעשטעהן און שטאַרצט ארויס אין דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע נאָך שאַרפער, איידער ערגעץ וואו אַנדערש. שוין לייכטער איז דורכצופיהרען דעם מאָניזם אויף דעם אי־דעאַליסטישען וועג. מיר זעהען קערפּער און רוימליכע בעוועגונגען, מיר זעהען זיי אין שפּיע־געל, אין חלום און אויף’ן וואָהר, ד. ה., אין דעם זינליכען בעוואוסטזיין, זיי אַלע זיינען בלי ספק ניט רעאַל, נור אידעעל; ניט מאַטע־ריעל, נור „פּסיכיש“. (ז. 81).

דער אידעאַליזם קומט אויס אָהן דער מאַטעריע; ער האָט נאָר איין פּרינציפּ: דאָס פּסיכישע געשעהן. דער מאַטעריאַליזם ווידער קאָן מיט זיין איינציגען פּרינציפּ — די מאַטעריע — ניט אַלץ ערקלערען. און פרי־העד פון אַלץ איז ניט אימשטאַנד דער מאַטע־ריאַליזם צו ערקלערען דאָס בעוואוסטזיין, דאָס עמפּפינדען. אזא מיינונג איז שוין ניט איין מאָל ארויסגעזאָגט געוואָרען פון די יעניגע פי־לאָזאָפען, וועלכע שטרעבען אויפצורייסען דעם מאַטעריאַליזם פון אינוועניג. ביי דער פראַגע, מיינען זיי, מוז דער מאַטעריאַליזם באַנקראָ־טירען. דאָס איז אָבער א ביטערער טעות.

געוויס האָט דער מאַטעריאַליזם ע ק ס־פּ ע ר י מ ע נ ט ע ל נאָך ניט פעסטגעשטעלט, ווי אזוי פון מ אַ ט ע ר י ע ווערט ע מ פּ־פ י נ ד ו נ ג, ווי אזוי די מאַטעריע געהט איבער אין א פּסיכיש געשעהן. וואָס אָבער בע־ווייזט דען דאָס? צי דען האָט כאָטש איין מאַטעריאַליסט געזאָגט, אז אַלע פּראָבלעמען זיינען געלעזט. ניין! עס זיינען נאָך פאַרהאַן געגוג ניט געלעזטע פּראָבלעמען. אָבער דאָס בעווייזט דאָך לחלוטין גאָר ניט. וויכטיג פאַר אונז איז דאָך דאָס פאָרשונגס־פּרינציפּ, די ריכטונג, אין וועלכע מיר דאַר־פען שטרעבען צו לעזען געוויסע פּראָבלעמען. און דעם אמת־וויסענשאַפטליכען וועג ווייזט אונז דער מאַטעריאַליזם. שטיצענדיג זיך אויף דעם מאַטעריאַליזם האָט די וויסענשאַפט דער־גרייכט איהרע שעהנסטע און גרעסטע רעזולטאַ־טען אויף אַלע געביטען. אָהן דעם מאַטעריאַ־

ליזם איז בכלל ניט פאַרהאַן קיין וויסענשאַפט. מען קאָן פילאָזאָפירען אידעאַליסטיש, אָבער עקספּערימענטירען מוז מען מאַטעריאַליסטיש.

דער מאַטעריאַליזם ערקלערט, אז די עמפּפינדונגען ווערען געבוירען ביי געוויסע מאַטעריעלע בעדינגונגען, אַז די פסיכישע פראצעסען מוזען צוריקגעפיהרט ווערען אויף געוויסע מאַטעריעלע פראָצעסען. און אויף דעם וועג און דער ריכטונג מוזען געפיהרט ווערען די וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען.

דער „גראָבער" מאַטעריאַליזם בעפרידיגט ניט דעם „פיינעם" גייסט פון אונזער קריטיקער. וואָס־זשע איז זיין עצה, וואָס לייגט ער אונז פאָר?

ער גיט אונז אַן עצה טובה אין גייסט פון אַלע אידעאַליסטען. די עצה איז שוין אַלט, ווי די פילאָזאָפיע אליין, דאָך אָבער חזר'ט זי זיך איבער. מיט איין וואָרט: ער ראַט אונז, מיר זאָלען מקריב זיין די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט, מיר זאָלען זיך פון איהר אין גאַנצען אָבזאָגען, ד. ה. אָנשטאַט צו ערקלערען די וועלט, הייסט אונז ה' זשיטלאָווסקי זיך אָבזאָגען פון יעדער ערקלערונג איבערהויפט.

דעם מאַניזם, זאָגט זשיטלאָווסקי, איז לייכטער דורכצופיהרען אויף דעם אידעאַליסטישען וועג. די גאַנצע וועלט איז ניט רעאַל, נור אידעעל, ד. ה., זי עקזיסטירט נור אין אונזער בעוואוסטזיין, פסיכיש, „רוחניות'דיג".

און זשיטלאָווסקי בערופט זיך אויף די מאָדערנע פיזיקער, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אויף דעם אידעאַליסטישען שטאַנדפונקט און לייקענען אין גאַנצען די עקזיסטענץ פון דער מאַטעריע. זיי געהען אויך ארויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז מען דאַרף נעהמען די וועלט אַזוי, ווי זי איז אונז געגעבען אין אונזער זינליכען בעוואוסטזיין. די וועלט איז פסיכיש. עס איז פאַרהאַן נור אַ פסיכיש געשעהן. און מיר דאַרפען אויפנעהמען וויסענשאַפטליך די וועלט אַזוי, ווי מיר איבערלעבען איהר. דאָס וויסענשאַפטליכע „בעוואוסטזיין" דאַרף ניט זיין פרינציפיעל פערשיעדען פון דעם געוועהנליכען בעוואוסטזיין. די וועלט דאַרף אויפגעבויט ווערען, מיט איין וואָרט, פון אונזערע ערלעבנישע, אָדער פסיכישע געשעהניסען, עלעמענטען. אויף דעם שטאַנדפונקט שטעהט די אַזוי גערופענע פאָזיטיוויסטישע אָדער פענאָמענאָלאָגישע פיזיק. זי געהט אויס פון „פענאָמענען", ד. ה., פסיכישע ערשיינונגען און נעהמט זיי אויף דירעקט אַזוי, ווי זיי זיינען. וואָס איז אונז אָבער געגעבען אין אונזער בעוואוסטזיין? נור קוואַליטעטען, געוויסע מינים עמפפינדונגען. די עמפפינדונגען זיינען די לעצטע בוי־שטיינער פון דער פענאָמענאָלאָגישער נאַטור־פילאָזאָפיע. דאָס זיינען קוואַליטעטען, וואָס דאַרפען שוין ניט צוריקגעפיהרט ווערען אויף מאַטעריאַלע קוואַנטיטעטען, ווי דאָס טהוט די מעכאַנישע אָדער מאַטעריאַליסטישע פיזיק. די גאַנצע פיזיק, ווי די גאַנצע וויסענשאַפט בכלל, ווערט פערוואַנדעלט אין ריינע בעשרייבונג. דאָ קאָן שוין גאָר קיין רייד ניט זיין וועגען וועלכע עס איז ערקלערונג. די בעשרייבונג איז געוואָרען די איינציגע מעטאָדע.

די עמפפינדונג איז דער לעצטער בוי־שטיין פון דער וועלט. די וועלט ווערט אויפגעבויט פון די עמפפינדונגען. און וויסענשאַפט איז ניט מעהר, ווי בעשרייבונג פון די עמפפינדונגען. אַנאַליזירען און בעשרייבען די עמפפינדונגען הייסט אויפדעקען זייער אמת'ען צוזאַמענהאַנג און געגענזייטיגע בעציהונג, ד. ה., ריכטיגע נאַטור־אָרדנונג.

די פאָזיטיוויסטישע פיזיק (מיט דעם בעריהמטען וויענער פיזיקער ערנסט מאַך בראש) שטרעבט זיך צו בעגעהן אָהן יעדער היפאָטעזע, אָהן יעדער ערקלערונג, ווייל יעדע ערקלערונג פיהרט אונבעדינגט צו מעטאַפיזיק.

די פענאַמענאָלאָגישע פיזיק שטימט גאַנץ גוט מיט דער פענאַמענאָלאָגישער (אָדער אידעאַליסטישער) ערקענטניס טעאָריע. אויב אויסער אונזער בעוואוסטזיין עקזיסטירט ניט קיין רעאַלע ווירקליכע וועלט, אויב די וועלט איז אידעעל, ד. ה., פסיכיש, אויב די עמפפינדונגען זיינען די לעצטע עלעמענטען פון דער וועלט, איז קלאָר, אַז די פיזיק דאַרף זיך נור בעשעפטיגען מיט עמפפינדונגען: זיי בעשרייבען, זיי אַנאַליזירען, זיי קאָנסטאַטירען, ווייל זיי זיינען דאָך די רעאַליטעט אליין. די נאַטור, מיט איין וואָרט, איז אַ סיסטעם פון עמפפינדונגען.

וואָס אַזוינס איז אָבער די עמפפינדונג? די עמפפינדונג איז דאָך אַ ריין־סוביעקטיווע, מענשליכע ערלעבניש און דערצו נאָך אַ אינדיווידועלע ערלעבניש. הייסט עס, אַז די סוביעקטיווע ערלעבנישען קאָנען אונז געבען נור אַ ריין־סוביעקטיווע וויסענשאַפט. אַ סוביעקטיווע וויסענשאַפט איז אָבער אַ לאָגישער ווידערשפרוך, ווייל וויסענשאַפט איז אָביעקטיווע ערקענטניס, ערקענטניס פון אָביעקטיווער און רעאַלער געזעצמעסיגקייט, ערקענטניס פון אָביעקטיווער ווירקליכקייט.

די פיזיק בעשעפטיגט זיך מיט דער ווירקליכקייט אָדער מיט דער נאַטור, אויף ווי פיעל זי עקזיסטירט אונאָבהענגיג פון דעם

מענשען און זיינע עמפפינדונגען. די פיזיק— „די נאטור־וויסענשאפט אבסטראהירט ניט פון דעם סוביעקט (דעם מענשליכען בעוואוסטזיין) איבערהויפט, ווי וואנדט דריקט זיך אויס, נור פון געוויסע אייגענשאפטען (בעשטימונגען), וואס קאנען ניט אבגעטיילט ווערען פון דעם סוביעקט“. וואס איז אזוינס די נאטור, די וועלט, אונאבהענגיג פון אונזערע עמפפינדונגען, פאר זיך אליין? — דערין בעשטעהט דאס פראבלעם. און די נאטור־וויסענשאפט האט שטענדיג געשטרעבט צו ערקלערען, פון וואס פאר א מאטעריאל איז אויפגעבויט די נאטור, פון וואס זיינען *אבהענגיג* אונזערע עמפפינדונגען. די נאטור־וויסענשאפט האט אויסגעארבייט דעם ספעציעלען שטאף־בעגריף אדער סובסטאנץ־בעגריף, וואס מען רופט אן *מאטעריע*, אהן וועלכער די וויסענשאפט האט זיך ניט געקאנט בעגעהן ביז היינטיגען טאג. די פיזיק איז אייגענטליך די וויסענשאפט פון דער *מאטעריע*, פון וועלכער עס זיינען אבהענגיג אונזערע *עמפפינדונגען*.

אינטערעסאנט איז, אז פון דער מאטעריע קאנען זיך ניט אבזאגען אפילו די מאדערנע פיזיקער, וואס שטעהען אויף דעם פענאמענאלאגישען שטאנדפונקט. מען בענוצט זיך מיט דער מאטעריע, ווי מיט א גוטער „היפאטעזע“ אדער „דענק־מיטעל“. אמת, דערביי שטרייכט מען שטענדיג אונטער, אז די מאטעריע דארף ניט בעטראכט ווערען אלס אן אבסאלוטע ווירקליכקייט, נור אלס אן ערשיינונג. די ערפאהרונג קאן אבער גאר ניט „אויסגעטייטשט“ און ערקלערט ווערען אהן דעם — זאל זיין — דערוויייל היפאטעטישען בעגריף: *מאטעריע*.

א היפאטעטישער בעגריף? וואס איז דאס אזוינס א היפאטעזע (השערה)? צי דען האט די היפאטעזע גאר ניט צו טהאן מיט דער ווירקליכקייט? צי דען איז דאס א ריין־סוביעקטיווער בעגריף, וואס הענגט אפ פון אונזער פרייען ווילען? צי דען איז די היפאטעזע א „פיקציע“, ווי עס דריקען זיך אויס די מאדערנע פיזיקער?

יעדע היפאטעזע ווערט דאך אויפגעשטעלט אויפ׳ן גרונד פון דער ערפאהרונג. דאס איז א *פארלויפיגע* אדער *וואהרשיינליכע* לעזונג פון א געוויסען פראבלעם. און וואס בעסער די היפאטעזע ערקלערט די פאקטען, אלץ מעהר בעשטעטיגט זיך די ריכטיגקייט פון דער היפאטעזע, און די היפאטעזע געהט איבער אין א *טעאריע*.

די *מאטעריע* אלס נאטור־וויסענשאפטליכער סובסטאנץ־בעגריף איז א ווידערשפרוכסלאזע היפאטעזיע. דאס האט זיך שוין גלענצענד בעשטעטיגט און בעשטעטיגט זיך טאג־טעגליך. די מאטעריע האט אונז קיינמאל ניט „פערפיהרט“. בענוצענדיג זיך מיט דער היפאטעזע זיינען מיר קיינמאל נאך ניט אריינגעפאלען אין ווידערשפרוך.

אזוי ארום געהט איבער דער „*היפאטעטישער*“ אדער *עמפירישער מאטעריאליזם* אין *וויסענשאפטליכען* און *פילאזאפישען מאטעריאליזם*.

„דער בעגריף פון דער מאטעריע, איז געצוואונגען, למשל, אזא דענקער און געגנער פון דעם מאטעריאליזם, ווי וואונדט, אנצוערקענען, איז די איינציגע פארם פון דעם סובסטאנץ־בעגריף, וועלכע איז לאגיש אויסגעהאלטען („וועלכע לאגיש צולעסיג איזט“) „עס זיינען פארהאן אזעלכע לאגישע מאטיוועו, וואס צווינגען אונז אנצוערקענען די מעכאניסטישע אדער מאטעריאליסטישע נאטור־פילאזאפיע“. (וואונדט).

מיר וואלטען געקענט ברענגען נאך א סך שטעלען פון פערשיעדענע גרויסע פילאזאפען, וועלכע שטעהען אויף דעם שטאנדפונקט, אז די מאטעריע איז די איינציגע פארם, אין וועלכער אונזער דענקען בעגרייפט די וועלט, וואס איז אונז געגעבען. און דא קומט זשיטלאווסקי און מאכט מיט איין בעוועגונג פון זיין אידעאליסטישער פעדער „א סוף־און עק“ צום מאטעריאליזם. דערצו דארף מען האבען מוטה!

עס איז דאך אויך קלאר, אז אלע גרויסע ערפאלגען, וואס זיינען דערגרייכט געווארען אויף דעם געביעט פון פיזיק און נאטור־וויסענשאפט בכלל, האבען מיר צו פערדאנקען דער מאטעריאליסטישער נאטור־וויסענשאפט. די אלע גרויסע פארשער, אנהויבענדיג פון דער רענעסאנס־צייט (דאס אלטערטום נעהמען מיר שוין דא ניט אין בעטראכט), ביז היינטיגען טאג, זיינען אין זייער פארשונג געשטאנען אויף דעם שטאנדפונקט פון „עמפירישען“ מאטעריאליזם. און וויל מען זיין אויסגעהאלטען, מוז מען דעם עמפיריישען מאטעריאליזם דערפיהרען פילאזאפיש ביז זיין לאגישען סוף און איבערגעהן צום פילאזאפישען מאטעריאליזם, וועלכער איז אויפגעבויט אויף דער גאנצער מאדערנער וויסענשאפט. די וויסענשאפטליכע ערפאהרונג האט שטענדיג אנערקענט די ווירקליכקייט פון דער מאטעריעלער וועלט.

דער גרעסטער טייל פיזיקער אן נאטור־פארשער שטעהען אויך היינט, ניט קוקענדיג אויף איינינגע אידעאליסטיש געשטימטע געלעהרטע, אויף דעם מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט. און ווענדען מיר אונזער אויפמערקזאמקייט דער ענערגעטישער פיזיק, מוזען מיר זאגען, אז אפילו איהרע אנהענגער זיינען סוף כל סוף אויך געצוואונגען איבערצוגעהן צו דער מעכאניסטישער נאטור־ערקלערונג, ווייל אין דער ערפאהרונג קאן מען די ענערגיע אהן מע־

כאַניק און אָהן בעוועגונג זיך גאָר ניט פאָרשטעלען און ניט פערשטעהן.

עס איז בכלל ניט ריכטיג, אז מיר זיינען כלומרש'ט ניט אימשטאַנד צו ערקענען די ווירקליכקייט, די רעאַלע וועלט. וואָס מעהר מיר פערטיפען זיך אין די ערקענטניס פון די נאַטור־ערשיינונגען, וואָס מעהר מיר ארבייטען מיט דער וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג, אַלץ ריכטיגער ערקענען מיר די ווירקליכע וועלט. און די ערקענטניס פון דער ווירקליכקייט איז מעגליך נור אויף דעם באָדען פון דער מעכאַניסטישער אָדער מאַטעריאַליסטישער היפּאָטעזע. די מעטאָדען פון די פיזישכעמישע וויסענשאַפטען זיינען די איינציג ריכטיגע, וועלכע גיבען אונז די מעגליכקייט צו ערקענען די ווירקליכע וועלט און וועלכע בעפרידיגען דעם מענשליכען שכל. די מעטאַריע האָט שוין אויפגעהערט צו זיין א מעטאַפיזישעס פּראָבלעם און איז געוואָרען א ריין־וויסענשאַפטליך־עקספערימענטאַלעס פּראָבלעם.

דאָס פערשטעהען שוין אפילו אנדערע „פּאָזיטיוויסטען“. נעהמען מיר, למשל, אזא ראַציאָנאַליסטישען פּאזיטיוויסט, ווי א ב ע ל ר י י, פערשטעהט ער דאָס אַלץ גאַנץ גוט און דעריבער טאַקע האַלט ער פאַר נויטיג ארויסצוטרעטען געגען דעם עקסטרעמען פּאזיטיוויזם. וואָס איז אָבער אזוינס דער ראַציאָנאַליסטישער פּאזיטיוויזם? איז ער דאָך ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי דער „שעמעדיגער מאַטעריאַליזם“, ווי ענגעלס דריקט זיך אוים.

אַנערקענט מען דעם אַזוי גערופענעם ע מ פּ י ר י ש ע ן מאַטעריאַליזם — און אויף דעם באָדען פון'ם „עמפּירישען“ מאַטעריאַליזם איז אויסגעוואַקסען אונזער גאַנצע וויסענשאַפט — דאַרף מען זיין אויף אזוי פיעל אויסגעהאַלטען און אנערקענען דעם פ י ל אָ ז אָ פ י ש ע ן מאַטעריאַליזם, וואָס איז דאָך נור די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג, פון דעם וויסענשאַפטליכען מאַטעריאַליזם.

(שלוס קומט)

י. אַדלער

אין חודש מאַי

איך געה ארוים פון שטאָדט אין פעלד,
ווען ס'הויבט נור אָן בעגינען —
ווען ס'הויבט קוים אָן צו גרויען.
ס'איז שטיל... עס כשופ'ט און מיר דאַכט
איך הער, עס שלייכט אוועק די נאַכט;
איך הער די גרעזלעך גרינען...
איך הער עס פאַלען טהויען...

איך הער ווי דאָרט, די מזרח־זייט,
זי טיילט זיך שטיל פאַנאַנדער
און רופט צונויף די פאַרבען...
דאַן קומט א יונגע זון ארוים
פון מזרח'ס רייכען פאַרבען־שוים
און הויבט באַלד אָן איהר וואַנדער,
און לעשט באַלד אוים די פאַרבען...

און ליכטיג ווערט... איך שטעה פערגאַפט.
און יונגע רויזען בליהען;
און יונגע פויגעל זינגען;
און אַלץ ארום איז אויסגערוהט
און יעדעס שוואַכע גרעזעל טהוט
צום הימעל היך זיך ציהען,
און זונען־שטראַהלען שלינגען...

א יונגע וועלט בעצויבערט שטעהט
און איז צו גאָט מתפלל,
און שעפּטשעט שטיל א תפילה,
א זמר בלאָנזשעט גרינג ארום —
דאָס זינגט דער וואַלד, דאָס פעלד, די בלום
צום גרויסען בורא הלל —
זיי בעטען רעגענס שטילע...

ווי גוט מיר איז! כ'בין ווייט פון שטאָדט,
פון שטויב און גרויע מויערן,
וואו נויט און טויט זיך מעהרען —
איך בין אליין... אליין מיט גאָט.
איך זאַפּ אין זיך אריין זיין סוד...
איך הער קיין מענשען טרויערן,
איך זעה קיין אויג ניט טרערען...

מ. אַבראַמאָוויטש

דער ברודער־קאַמפּף אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

זיין געשיכטע. זיינע אורזאַכען. די פּרינציפּיעלע אונטערשיידען און די אויסזיכטען אויף די צוקונפט.

ערשטער אַרטיקעל.

די לאָנדאָנער דעצעמבער־זיצונג פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ביוראָ האָט דייטליך בעוויזען, אַז די רייסערייען אין דער רוסלענדער פּאַרטיי האָבען אויפגעהערט צו זיין בלויז אַ היימישע רוסישע אַנגעלעגענהייט, און זיינען געוואָרען אַ זאַך פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט. די מעכטיגע אויפלעבונג פונ׳ם רוסלענדער אַרבייטער־קלאַס און די וויכטיגע פּאָליטישע ראָלע, וואָס די רוסלענדער אַרבייטער בעוועגונג שפּיעלט אינ׳ם לעבען פון דעם אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט, האָבען געצוואונגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון מערב־אייראָפּאַ צוקוקען זיך אויפמערקזאַמער צו דעם ברודער־קאַמפּף אין רוסלאַנד, וואָס האָט ניט לאַנג צוריק דערגרייכט די העכסטע מדרגה — אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער ס.־ד. פראַקציע.

א. ווי אַזוי איז דאָס געקומען?

שפּאַלטונגען זיינען נישט קיין נייעס אין דער רוסלענדער פּאַרטיי. מען קען זאָגען, פערקעהרט, אַז פאַר די לעצטע 10 יאָהר, זינט די ס. ד. האָבען זיך צושפּאָלטען אין 1903 יאָהר אויף „באָלשעוויקעס“ און „מענשעוויקעס“ (מעהרהייט און מינדערהייט), איז כמעט גאָר קיין מאָמענט ניט געווען, ווען די פּאַרטיי זאָל זיין איינער!

די שטורם־יאָהרען 1905—1907 האָבען געצוואונגען ביידע צדדים צו אַ צייטווייליגען שלום, און אויב גאָר איינער איז מען אפילו אין יענע יאָהרען אויך ניט געווען, איז דאָך געווען מעגליך צו ארבייטען צוזאַמען....

עס זיינען אָבער געקומען די יאָהרען פון דער רעאַקציע. די פּאַרטיי איז אין גאַנצען אָבגעשוואַכט געוואָרען, די ברייטע אָרגאַניזאַציעס זיינען צופאַלען געוואָרען אונטער די שרעקליכע קלעפּ, און די קליינע גרופּעס, וואָס זיינען גאַנץ געבליעבען פון דעם אַלגעמיינעם חורבן, זיינען זיך פונאנדערגעקראָכען אין אַלע עקען.

ניט געוואָרען די לעבעדיגע מאַסאָווע אַרבייט, וואָס האָט צוזאַמענגענומען פריהער אַלעמען און געהאַלטען אינאיינעם ווי מיט אַן אייזערנעם רינג. פערשוואונדען געוואָרען דער בעל־הבית פון דער פּאַרטיי, די אַרבייטער־מאַסע, וואָס האָט מיט איהר מעכטיגען דרוק געמאַכט יעדען איינצעלנעם „באָלשעוויק“ אָדער „מענשעוויק“ פערגעסען אָן זיינע „קלייזלעך“ און געצוואונגען ארבייטען צוזאַמען.

יעדער קרייזעל האָט *פאַר זיך* אויף זיין אייגענעם שטייגער געאַרבייט, געלעבט, בעטראַכט דאָס אַלטע, געזוכט נייע וועגען..... און אין יעדען קלייזעל האָט זיך אויסגעארבייט זיין אייגענע פּסיכאָלאָגיע, זיינע אייגענע ווערטלעך און בעגריפען, זיין אייגענע טאַקטיק. די מיינונגס־פערשיעדענהייטען פון איינצעלנע טוער און גרופּעס, וואָס ביי נאָרמאַלע בעדינגונגען וואָלטען זיי זיך ווי עס איז אויסגעגלייכט דורך געמיינזאַמע בעטראַכטונגען פון פראַגען און געמיינזאַמע אַרבייט, ווערען אין די צוטיילטע און צואוואָרפענע קרייזלעך נאָך מעהר פערטיעפט און פערשטאַרקט. די צוויי גרויסע טיילען פון דער פּאַרטיי: באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, זיינען יעדער ווידער צופאַלען געוואָרען אויף נאָך קלענערע גרופּען און טיילען. די „באָלשעוויקעס“ אויף „אָטזאָוויסטען“, „ווּפּעריאָדאָווצעס“, „לענינצעס“, „פּרימירענצעס“, — די מענשעוויקעס אויף „פּלעכאַנאָווצעס“, גאָלאָסאָווצעס“, „ליקווידאַטאָרען“....

אָבער *אַיין* זאַך האָבען אַלע די גרופּעס געירש׳נט פון די פריהערדיגע באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס: דעם פּאַטריאָטיזם פון קלייזאָל, דאָס געפיהל: פריהער בין איך אַ לענינעץ אָדער אַ *גאָלאָסאָוועץ*, און נאַכדעם ערשט אַ מיטגליעד פון דער פּאַרטיי. דאָס „קלייזעל“ און זיינע אינטערעסען איז העכער פּאַר אַלץ. אין „קלייזעל“ שטעקט דער *גאַנצער* אמת, די *ריכטיגע* ס.־ד־יע. ווער עס געהערט צו מיין קלייזעל ניט, דער איז קיין *אמת׳ער* ס. ד. ניט. אַ כפּרה די גאַנצע פּאַרטיי און די גאַנצע אַרבייט, אויב זי געהט ניט אַזוי, ווי אין מיין קלייזעל־תורה שטעהט געשריעבען, — ווייל דאָס הייסט דאָך, אַז זי געהט ניט ריכטיג!

אזוי ארום זיינען אויסגעוואַקסען די צורשפּאַלטונגס־*כוחות* און די *צושפּאַלטונגס־פּסיכאָלאָגיע*, נאָכדעם ווי עס איז פערשוואונדען געוואָרען די פעראייניגונגס־קראַפט פון דער לעבעדיגער מאַסאָווער ארבייט!

דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר פונ׳ם 1907 יאָהר איז געוועזן די לעצטע אַלגעמיינע טהאַט פון דער אייניגער פאַרטיי. פון דעמאָלט אָן עקזיסטירט זי שוין ניט מעהר אַלס איין גאַנצעס...

אינ׳ם יאָהר 1908 און 1910 זיינען געמאַכט געוואָרען פּראָבעס ווידער אויפצובויען די אייניגקייט פון דער פּאַרטיי, אבער קיין ערפאָלג האָבען די דאָזיגע ניט געהאַט. אַלע בעמיהונגען פון אייניגע טיילען פון דער פאַרטיי, בעזונדערס פון די נאַציאָנאַלע גרופּעס, זיינען בטל געוואָרען צוליעב דעם ווידערשטאַנד פון די 2 עקסטע גרופּען: די „לענינצעס" און די „ליקווידאַטאָרען".

דער קאַמפּף פון די דאָזיגע 2 טיילען פון דער ר. ס. ד. א. פּ. האָט דאָס געבראַכט די פּאַרטיי צו דער איצטיגער לאַגע, און דעריבער וועלען מיר גענויער בעטראַכטען זייער כאַראַקטער און זייער ענטוויקלונג:

ב. די טעאָריע פון די „ליקווידאַטאָרען".

עס איז אייגענטליך שווער צו רעדען וועגען איין אַלגעמיינער טעאָריע פון דער גאַנצער „ליקווידאַטאָרישער" ריכטונג, ווייל אין איהר גופא זיינען געוועזן פערשיעדענע שטרעמונגען און שאַטירונגען. אָבער אויב מען זאָל נעהמען דעם אַלגעמיינעם *קערן* פון אַלע דאָזיגע ריכטונגען, וואָס איז בעזונדערס בולט אויסגעדריקט אין די שריפטען פון פּ. ב. אַקסעלראָד, — וועלען מיר בעקומען אזא בילד:

פאַר דער רעוואָלוציע האָבען מיר אין רוסלאַנד קיין „פּאַרטיי", אינ׳ם ריכטיגען זין פון וואָרט, ניט געהאַט. ס׳איז געווען, פון איין זייט — א שטאַרק־דיסציפּלינירטע געהיימע אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען, — ס. ד. אינטעליגענטען און איינצעלנע אינטעליגענטע ארבייטער, — און פון דער אנדערער זייט — א רעוואָלוציאָנער געשטימטע אַרבייטער־מאַסע, ניט אָרגאַניזירט און וועניג בעוואוסטזיניג. די „אָרגאַניזאַציע" איז גייסטיג געשטאַנען אויפ׳ן באָדען פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס; זי האָט געשטרעבט אויסצודריקען, פאָרמולירען און פערטיידיגען די לעבענס־אינטערעסען און פאָדערונגען פונ׳ם רוסלענדער ארבייטער־קלאַס. און א דאַנק דעם מעכטיגען גייסטיגען געוועהר, וואָס האָט איהר געליפערט די מאַרקסיסטישע טעאָריע, האָט זיך איהר טאַקע איינגעגעבען צו ערפילען איהרע הויפּט־אויפגאַבען גאַנץ גוט. און אין *דעם זין* קען מען דרייסט זאָגען, אַז די רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי איז געווען — *גייסטיג*, *טעאָרעטיש*, — די פּאַרטיי פונ׳ם רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט. אָבער ניט *פּאַקטיש*, ניט *פיזיש*. ניט דער אַרבייטער־קלאַס האָט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע געשאַפען, ניט ער פלעגט איהר ערנייערן, ווען זי פלעגט צופאַלען, ניט ער פלעגט בעשטימען איהרע שריט, איהר טעטיגקייט, איהרע לאָזונגען. — די ארבייטער מאַסען האָבען מיט׳ן געזונדען קלאַסען־אינסטינקט געפיהלט, אַז די אָרגאַניזאַציע אַרבייט אין זייערע אינטערעסען, אַז זי פערטיידיגט *זיי*, די אַרבייטער, אַז איהר טעטיגקייט איז געווענדעט לטובת פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און דעריבער האָבען זיי געהאַט צו איהר די גרעסטע אַכטונג און דעם גרעסטען צוטרוי, דעריבער זיינען זיי טריי געגאַנגען נאָך איהר פּאָהן, געהאָרכזאַם געפאָלגט איהרע „לאָזונגען" און „דירעקטיוון".

אָבער שטענדיג האָט זיך געפיהלט אַ תהום צווישען דער „אָרגאַניזאַציע" און דער מאַסע.— „זיי" און „מיר". „זיי" אַרבייטען פאַר „אונז". „זיי" ווילען „אונזער" טובה, „זיי" אָפּפערן זייער לעבען פאַר „אונז" און ז. וו. פון וואַנען נעהמען זיך די „העלדען" פון דער אָרגאַניזאַציע? ווער זיינען זיי, די פייערדיגע רעדנער? אַרבייטער? — אָדער „סטודענטען", גענעראַלסקע זיהן, ווער ווייס! וואו נעהמען זיי די „געלד"? מיר גיבען דאָס זיי? ווער קלייבט זייערע „קאָמיטעטען"? ווער איז ביי זיי אין די „קאָמיטעטען"? — אויף די אַלע פראַגען האָט דער פשוט׳ער אַרבייטער קיין ענטפער נישט געקענט קריגען, און האָט זיך געבילדעט לעגענדעס וועגען דער מאַכט און דער געשיכטע פון די ס. ד. ער האָט אָבער גוט געוואוסט, אַז ניט *ער* איז דער שעפּפער פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, ניט *ער* איז איהר בעל־הבית.

פון דער אַנדער זייט האָט אויך די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט מיט אַלע כוחות געשטרעבט צוזאַמענגיסען זיך מיט דער אַרבייטער מאַסע, נישט געקאָנט קומען צו דעם ציעל, ווייל די אויסערליכע בעדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט און די אינערליכע לאָגיק פון א קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע האָבען דערצו נעשט דערלאָזען. נור א בעזונדערס פלינקער, טאַפּפערער און פעהיגער מענש האָט געקאָנט ווערען א מיטגליעד פון א קאָנספּיראַטיווער איינריכטונג. אַנדערע האָבען נישט געטויגט. מען האָט געדאַרפט דערצו נאָך זיין פראַנק און פריי, אָהן א פאַמיליע, וואָס מען מוז ערנעהרען, אָהן אַ שטענדיגע בעשעפטיגונג, אָהן איינגעוואָרצעלטע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען. היינט אין אָדעס, מאָרגען אין טורמע און איבערמאָרגען אין מאָסקווע. נעכטען געגעסען, היינט אפשר ניט. היינט איוואַן, מאָרגען סטעפּאַן. אזא לעבען, אזא טהעטיגקייט איז געווען מעגליך נור פאַר יונגע אינטעליגענטען און איינצעלנע איג־

טעליגענטע אַרבייטער, וואָס האָבען געמוזט, אַריינטרעטענדיג אין די אָרגאַניזאַציע, אין גיכען וואַרפען זייער שטעלע, אויפהערען צו זיין אַרבייטער און אָנהויבען צו פיהרען דעם זעלביגען לעבען, וואָס זייערע אינטעליגענטע חברים, די געוועזענע סטודענטען, לעהרער אָדער אַדוואָקאַטען. די „אָרגאַניזאַציע“ איז געווען און האָט געמוזט זיין לויט איהר צוזאַמענשטעל אַן „אינטעליגענטישע“, און האָט געשעפּט איהרע קרעפטען און איהרע געלד־מיטלען נישט פון דעם אַרבייטער־קלאַס, נור פון דער אַרבייטער־פריינדליכער אינטעליגענץ. און דאָס האָט געמוזט אַרויפלעגען אַ ספּעציעלען שטעמפּעל אויף דעם גאַנצען כאַראַקטער און פּסיכאָלאָגיע פון די טוער.

נישט קוקענדיג אויף דעם האָט די „אָרגאַניזאַציע“, ביי אַלע איהרע חסרונות, דאָך געשפּיעלט אַ העכסט וויכטיגע און ניצליכע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון'ם אַרבייטער קלאַס. זי איז געווען אַ נויטווענדיגע שטופּע, אויף וועלכע דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געמוזט שטעלען, כדי צו שטייגען העכער און ווייטער.

די נייע שטופּעס פון דער ענטוויקלונג האָט געשאַפען די רעוואָלוציע. עס זיינען געעפענט געוואָרען נייע מעגליכקייטען, נייע געביטען פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט. אָפענע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, קאָאָפּעראַטיוון. בילדונגס־חברות, אַרבייטער־קלובען, בילדונגס־קורסען, אַרבייטער אוניווערזיטעטען, — און די דומע, דער פּאַרלאַמענט. עס זיינען ענטשטאַנען אויף איין מאָל הונדערטע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע די אַרבייטער האָבען זיך געקענט פריי און אָפען אָרגאַניזירען צוליעב בעשטימטע קלאַסען־אויפגאַבען, צוליעב געוויסע צווייגען פון סאָציאַליסטישער אַרבייט. אמת, ריין פּאָליטיש האָט די ס. ד. נישט געטאָרט אָפען אַרבייטען און אַ לעגאַלע ס. ד. פּאַרטיי איז נאָך רק געווען אונמעגליך, אָבער געוויסע טיילען פון דער ס. ד. טעטיגקייט, געוויסע געביטען זיינען געוואָרען לעגאַל און אָפען, און האָבען געקאָנט אַריינעהמען אין זיך טויזענדער אַרבייטער, געוועהנליכע מאַסאָווע אַרבייטער, וואָס בלייבען אויף דער פאַבריק, און וואָס זייער איינפלוס און ווירקונג איז דוקא פערבונדען מיט דעם, וואָס זיי אַרבייטען אין דער פאַבריק. געוויסע גלידער פון דעם ס. ד. פּאַרטיי־קערפּער האָבען זיך אַרויסגערוקט פון קאָנספּיראַטיווען קעלער אויף דער פרייער וועלט, פיעלע צווייגען פון דעם פּראָלעטאַרישען אָרגאַניזאַציאָנס־בוים זיינען אַרויסגעקראָכען פון אונטער דער ערד אויף די ליכטיגע זון.

און דערין איז בעשטאַנען דער היסטאָרישער פערדיענסט פון די אַזוי גערופענע „ליקווידאַטאָרען“, וואָס זיי האָבען די ערשטע מיט דער גרעסטער ליידענשאַפט און מיט'ן גרעסטען פייער גענומען זיך פאַר דער דאָזיגער אַרבייט פון אָרגאַניזירען און לעגאַליזירען איינצעלנע געביטען פון פּאַרטיי־אַרבייט. זיי זיינען דאָס געוואָרען די נביאים פון דער „לעגאַלער“ אַרבייט, זיי האָבען דאָס טעאָרעטיש בעגרינדעט (און פּראַקטיש דורכגעפיהרט!) די נויטיגקייט פון אָפענע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם צוקינפטיגען בנין פון אַ נייער אמת־מאַסאָווער, אייראָפּעאישער אַרבייטער־פּאַרטיי.

צוליעב דער ענטשטעהונג פון פערשיעדענע אָפענע אַרבייטער־פעראיינען (פּראָפעסיאָנעלע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע און ז. וו.) איז אָבער געשאַפען געוואָרען אַ צוטיילונג פון דער ס. ד. אַרבייט אין איינצעלנע געביטען. און אויף יעדען געביט האָט די ס.־ד. געדאַרפט פיהרען איהר אַרבייט אַזוי, מען זאָל זיך ניט אָברייסען פון די אַנדערע, אַז אַלע איינצעלנע טייכען און טייכלעך זאָלען זיך האַרמאָניש צונויפגיסען אין איין מעכטיגען ס. ד. שטראָם. און אַזוי ווי די אַרבייט אין יעדען פעראיין, אין יעדען געביעט, מוז זיך פיהרען פּראַקטיש, צוגעפּאַסט צו די בעגריפען פון די מאַסאָווע מיטגליעדער, צו די קאָנקרעטע רעאַלע טאָג־טעגליכע נויטען פון די מאַסען, וואָס געהען אַריין אין פעראיין, — האָט מען געמוזט קאָנקרעטיזירען די אַלגעמיינע אַבסטראַקטע בעגריפען, די אַלגעמיינע ווייטע לאָזונגען, און זעהען צו שטעלען אַזעלכע פאָדערונגען, אַזעלכע אויפגאַבען, אַזעלכע לאָזונגען, וואָס זיי זאָלען זיין פון איין זייט פערשטענדליך און נאָהענט פאַר דער מאַסע, און פון דער אַנדערער זייט פערבונדען מיט אונזער פּראָגראַם, מיט אונזערע הויפּט־ציעלען. דאָס איז געווען אַ שווערע טעאָרעטישע און פּראַקטישע אויפגאַבע, און די רוסישע ס. ד. האָבען איהר געלעזט אויף דעם זעלביגען אופן, ווי אַלע ס. ד. אין אייראָפּאַ און אמעריקאַ; דורך דעם וואָס מען רופט די מאַסען קעמפּפען פאַר זייערע נאָהענטע טאָג־פאָדערונגען און בעווייזט זיי אין לעבען גופא — דורך ערפאַהרונג און ניט נור אויפ'ן פּאַפּיער — ווי די דאָזיגע פאָדערונגען („טייל־פאָדערונגען“) זיינען פערבונדען מיט די „גאַנצע“ ניט געקירצטע ס. ד. פּראָגראַם־לאָזונגען.

פערשטעהט זיך, אַז פאַר דער רעוואָלוציע איז אַזאַ טאַקטיק געווען אונמעגליך. עס האָט געפעהלט אַ באָדען פאַר איהר. פאַר אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע קרענק און צרות איז געווען נור איין רפואה: „ניעדער מיט דער זעלבסטהערשונג, — עס לעבע די רעוואָלוציע“! אַנדערש אָבער איז געוואָרען די לאַגע נאָך דער רעוואָלוציע, ביי אַ פרייער פּרעססע, ביי געוויי־

סער פּעראיינס־פרייהייט און, די הויפּטזאַך — ביי אַ פּאַרלאַמענט מיט אַן אָפענער פּאָליטישער טריבונע.

מיר זעהען יעדעס מאָל, ארויסגעהענדיג פון דער פּאָליטישער לאַגע און פון דעם צושטאַנד פון אַרבייטער־קלאַס, — צו פאָרמולירען געוויסע פאָדערונגען, לאָזונגען, וואָס ריהרען אָן אין דעם האָזיגען מאָמענט בעזונדערס שאַרף דעם אַרבייטער־קלאַס. איז דאָס א צייט, ווען די רעגיערונג און די דומע און די בורזשואַזיע בעשעפטיגט זיך מיט אַרבייטער־פערזיכערונג, — שטעלען מיר אַרויס אונזערע פּראָגראַם־פאָדערונגען וועגען פערזיכערונג. שטעהט אויף דער טאָגעסאָרדנונג אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגען פּרעסע — שטעלען מיר אַרויס דעם לאָזונג פון פּרעסע־פרייהייט. און ז. וו. און מיר מוזען זעהען, אַז אַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס און די אַרבייטער־מאַסען, וואָס זיי ריהרען דאָך די דאָזיגע פראַגען זעהר שאַרף אָן, זאָלען זיך ערנסט און סיסטעמאַטיש פערנעהמען מיט אויסאַרבייטען און בעגרינדען די ס. ד. אַרבייטער־פאָדערונגען אין די דערמאָהנטע פראַגען. לעקציעס, פערזאַמלונגען, רעזאָלוציעס, מאַסען־פּראָטעסטען, פּעטיציעס צום פּאַרלאַמענט, אַרויסטרעטונג פון ס. ד. דעפּוטאַטען אין דומע, — אַלץ דאַרף ווערען אָנגעווענדעט, אַלע מיטלען דאַרפען ווערען אָנגענומען, כדי דער אַרבייטער־קלאַס זאָל אַרויסזאָגען זיין מאַסען־מיינונג אין די אויפגעהויבענע פראַגען, כדי ער זאָל דריקען אויף די רעגיערונג און די בורזשואַזע וועלט, און נויטיגען זיי רעכענען זיך מיט זיין מיינונג אויך.

צי וועט זיך דאָס איינגעבען ביי דער איצטיגע אָרדנונג?

גיט זיך דער קאַמפּף איין — האָבען מיר עפּעס געוואונען. גיט ער זיך ניט איין — זעהען די מאַסען, ווער אונזער שונא איז! צו וועט זיך דאָס איינגעבען ביי דער איצטיגער אָרדנונג? געוויס, ווען די אַרבייטער זאָלען טאַקי קומען אין מ אַ ס ע ן און ענערגיש און סיסטעמאַטיש דערהויבען זייער שטים. צי וועט מען ניט פערמאַכען די פעראיינען, זעצען אין טורמע און ז. וו.? געוויס, וועט די רעגיערונג דאָס טהאָן, אָבער וואָס די אַרבייטער וועלען זיין האַרטנעקיגער און איינגעשפּאַרטער, וואָס מעהר זיי וועלען אויסנוצען יעדער שפּעלטעלע אין דעם געזעץ, יעדען אות פון אונזער „קאָנסטיטוציע", — אַלץ שווערער וועט זיין דער רעגיערונג אונז צו אונטערדריקען. —

דאָס פּאַפּיערענע רעכט אויף „לעגאַלע" אַרבייט, אויף „לעגאַלע" עקזיסטענץ, די פערגרעסערונג פון די „לעגאַלע" רעכט מוז אויך ע ר אָ ב ע ר ט ווערען, מוז ג ע נ ו מ ע ן ווערען מיט געוואַלט אין שטענדיגען קאַמפּף.

צו די דאָזיגע נייע תורה זיינען צוגעשטאַ־נען כמעט אַלע אַרטיגע טוער פון די אַמאָליגע מענשעוויקעס. די פּראַקטיקער, וואָס האָבען נישט אויפגעהערט צו אַרבייטען אין די פינסטערע יאָהרען פון רעאַקציע, די גאַנצע אַרבייטער־אינטעליגענץ, וואָס האָט שוין לאַנג געליטען צוליעב דער אבגעריסענקייט פון די מאַסען, וואָס איז געווען אין דער אַלטער אָרגאַניזאַציע.

און עס פערשטעהט זיך, אַז די „ליקווידאַטאָרישע" שטרעמונג איז געווען אַם שטאַרקסטען דאָרטען, וואו עס זיינען געווען די בעסטע מעגליכקייטען און די גרעסטע צאָהל קרעפטען פאַר לעגאַלע אַרבייט, — ד. ה. אין פּעטערבורג. און עס פערשטעהט זיך ווייטער, אַז שטרעבענדיג בעזונדערס שטאַרק אונטערצושטרייכען די נויטיגקייט און וויכטיגקייט פון די נייע רעפאָרמען פון דער ס. ד. אַרבייט, האָבען די „ליקווידאַטאָרען" צו שטאַרק אַראָבגעוואָרפען די בעדייטונג און די גוטע זייטען פון די אַלטע פאָרמען. מיר, רוסען, וואָלטען דאָך ניט געווען קיין רוסען, אויב מיר וואָלטען געקאָנט רוהיג און אביעקטיוו אָבשאַצען דאָס אַלטע און דאָס נייע, דאָס אייגענע און דאָס פרעמדע, ניט שטעלענדיג צו הויך דאָס ערשטע און צו ניעדריג דאָס צווייטע. — בעזונדערס נאָך, ווען דאָס אַלטע איז געווען פול מיט אינערליכע רייסערייען, מיט שפּאַלטונגען, פון וועלכע דעם עולם האָט שוין פּשוט געעקעלט. און דעריבער האָבען זיך אָפּטמאָל געהערט אַזעלכע רייד: „די אַלטע פּאַרטיי איז צופוילט געוואָרען", מען דאַרף פון איהר אַנטלויפען, וואו פעפער וואַקסט, מען דאַרף מאַכען אַ סוף — ל י ק ו ו י ד י ר ע ן —דעם אַלטען פעריאָד פון דער אַרבייט. אונלעגאַל איז געוואָרען „טריף". פערקעהרט, אַלע אָפענע, לעגאַלע פאָרמען זיינען פערגעטערט געוואָרען און מען האָט זיך צו זיי אָפּטמאָל ניט גענוג קריטיש בעצויגען.

און זיינענדיג פאָלקאָם לאָגיש אין זייער איינזייטיגער שטימונג, האָבען די „ליקווידאַטאָרען" פרייוויליג פערלאָזען זייערע אַלטע פּאָזיציעס אין די רייהען פון דער אונלעגאַלער פּאַרטיי, פון וועלכער עס זיינען נאָך געבליבען קליינע רעסטען, האָבען געגעבען אַ מאַך מיט'ן האַנד אויף די אַלטע אינערע שטרייטען און מלחמות און האָבען זיך אָבגעגעבען בלב ונפש דער נייער אַרבייט, אַזוי ווי „דאָס אַלטע" וואָלט שוין אינגאַנצען געווען פערשוואונדען פון דער ערד, און אַזוי ווי אין דעם „נייען" וואָלט שטענדיג ניט לעבען אַ גרויס שטיק פון דעם „אַלטען".

דאָס „אַלטע" האָט אָבער נאָך געלעבט, און האָט פערשטעהט זיך ניט געשוויגען. זיינע טיפּישע פאָרשטעהער זיינען געווען די „באָלשעוויקעס־לענינצעס".

ג. די „באָלשעוויקעס“.

בשעת איין טייל פון דער רוסישער ס. ד. האָט פיבערהאַפט געזוכט — און געפונען אין׳ם לעבען גופא א לעבעדיגען אויסגאַנג פון דער דריקענדער רעאַקציע, — האָט דער אַנדערער טייל נישט געוואָלט זוכען און נישט געוואָלט זעהען קיינע נייע אויסגאַנגען, קיינע נייע וועגען אין דער אַרומיגער ווירקליכקייט. זייער פילאָזאָפיע איז געווען איינפאַך: ס׳איז געווען א מלחמה, מיר האָבען פערלאָרען. מען דאַרף אָבוואַרטען, מען דאַרף ווידער זאַמלען כחות, כדי אָנהויבען פון דאָס ניי די אַלטע מלחמה מיט׳ן אַלטען שונא.

אין דעם רוסישען לעבען האָט זיך פּרינציפּיעל גאָר נישט געביטען. ווער זיינען געווען די יסודות פון דער רעוואָלוציע ? די פּויערים און די אַרבייטער. זיינען אָבער די אינטערעסען פון די ביידע בעפרידיגט געוואָרען ? האָבען די פּויערים ערד ? האָבען די אַרבייטער ברויט און פרייהייט ? דער זשאַנדאַרם הערשט ווי פריהער אין׳ם פּאָליטישען לעבען פון רוסלאַנד. די „קאָנסטיטוציע“ איז נור א שפּאָט, די פרייהייטען נור א שיין. קען די דומע עפּעס געבען ? וויל די שוואַרצע דומע עפּעס געבען ? קען מען האָפען אויף „רעפאָרמען“, אויף קליינע פערבעסערונגען ? ניין, ניין און ניין. די רעאַקציע ווערט טאָג פון טאָג אַלץ ערגער און פינסטערער, די דומע אַלץ שוואַרצער. און כל זמן די מאַכט וועט ניט אַריבערגעהן אין די הענד פון פאָלק, וועט רוסלאַנד קיינע „רעפאָרמעס“ און קיינע „פרייהייטען“ נישט האָבען.

דעריבער, צו וואָס „לעגאַלע“ אַרבייט, וואָס דער אוריאַדניק וועט איהר גלייך צוטרעטען מיט׳ן שטיוועל ! צו וואָס „טייל־פאָדערונגען“ ? צו וואָס נייע וועגען, נייע פאָרמען ? דאָס לעבען איז דאָס אַלטע, — בלייבט אויך אונזער טאַקטיק די אַלטע. די אַלטע פּאַרטיי, די אַלטע פאָהן, די אַלטע מיטלען: שטרייקען, דעמאָנסטראַציעס, אונלעגאַלע „קאָמיטעטען“. און דאָס איינציגע אַלטע ציעל: די רעוואָלוציע ! קיין אַנדערע לאָזונגען זיינען נישטאָ !

רופען די אַרבייטער צו „קליינע“ אַרבייט, צום קאַמפּף פאַר „לעגאַליטעט“ הייסט פּשוט אָבנאַרען זיי, פערוויגען זיי אין פּוסטע חלומות.

שטרעבען אויסניצען די רעכט וואָס די „קאָנסטיטוציע“ האָט כלומרשט די אַרבייטער געגעבען, — הייסט וועקען פאַלשע אילוזיעס, הייסט אַנערקענען „סטאָליפּינס קאָנסטיטוציע“, הייסט מאָראַליש סאַנקציאָנירען דעם איצטיגען רעזשים. ווער עס טוט דאָס — דער איז „סטאָליפּינס א משרת“, א „פּערראַטער“ פון׳ם אַרבייטער־קלאַס און פון דער רעוואָלוציע. אַרויסשטעלען טייל־פאָדערונגען — הייסט ענטזאָגען זיך פון דער אַלטער ס. ד. פּראָגראַם, הייסט ווערען א קרבן פון דער רעוואָלוציע און א „ליבעראַל“, הייסט אַנטלויפען פון׳ם שלאַכטפעלד.

דאָס איז געווען די אָפיציעלע „טעאָריע“ פון דעם „באָלשעוויזם“ ד. ה., פון דעם אויסלענדישען „שטאַב“ זיינעם אונטער לענינס אַנפיהרונג. אַרום איהם האָבען זיך גרופּירט עמיגראַנטען, געוועזענע טוער — די ביוראָקראַטיע פון דער אַלטער פּאַרטיי, וואָס האָט בעטראַכט יעדע קריטיק פון די אַלטע פּאַרטיי־פאָרמען אַלס א פּערזענליכע בעליידיגונג און א חלול־השם פון די אַלטע „טראַדיציעס“.

ווי איז אָבער געווען מיט די באָלשעוויסטישע טוער אין רוסלאַנד, מיט זייערע אָרטיגע פּראַקטיקער ? א טייל פון זיי האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט פערשיעדענע פּלענער וועגען אונלעגאַלע אַרבייט און האָט זיך בעשעפטיגט מיט אונלעגאַלע גרופּעס און קרייזען אויף׳ן אַלטען שטייגער. די מעהרהייט אָבער, די בעסערע און פעהיגסטע טהוער זייערע, וואָס זיינען געווען פערבונדען מיט די אַרבייטער, האָבען אָבער געפיהלט, אַז דער אַלטער וועג טויג נישט. זיי האָבען דערזעהען, אַז בלייבען ביי דעם אַלטען אַבסטראַקטען געשריי: „עס לעבע די רעוואָלוציע“ — הייסט פּאַקטיש רופען די אַרבייטער צו פּאַסיוויטעט, צו פּאָליטישען טויט, אַז די רעוואָלוציאָנערע פראַזע בעקומט א רעאַקציאָנערען אינהאַלט, און דעריבער האָבען זיי געמוזט — טהון דאָס־זעלבע, וואָס זייערע חברים פון׳ם ליקווידאַטאָרישען חדר: אַרבייטען אין לעגאַלע פעראיינען און חברות, אַרויסשטעלען קליינע פּאָדערונגען און לאָזונגען, וואָס דאָס טעגליכע לעבען רוקט אַרויס און ז. וו. אָבער בשעת די „ליקווידאַטאָרען“ האָבען געשטרעבט די דאָזיגע פּראַקטיק צוזאַמענבינדען מיט די יסודות פון זייער טעאָריע, האָבען די באָלשעוויסטישע לעגאַלע טוערס ניט געקאָנט האַרמאָניש פעראייניגען די לעגאַליסטישע פּראַקטיק פון היינט מיט דער באָלשעוויסטישער וועלטאַנשויאונג פון נעכטען. צווישען טעאָריע און פּראַקטיקע האָט זיך געבילדעט א תהום. דער געדאַנק האָט זיך נאָך אַלץ בעוועגט אין די ראַהמען פון רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישע סכעמען, די טהאַטען זייערע אָבער האָבען זיך אויף א האָר ניט אונטערשיידען פון דער ליקווידאַטאָרישער טאַקטיק. דער אונטערשייד איז נור געווען, אַז די באָלשעוויסטישע „ליקווידאַטאָרען“ זיינען אָפטמאָל געווען אין זייער לעגאַלער טעטיגקייט נאָך פיעל וועניגער פּרינציפּיעל און אויסגעהאַלטען, איידער די אמת׳ע ליקווידאַטאָרען, ווייל זיי האָט געפעהלט א פעסטער טעאָרעטישער באָדען...

דער אויסלענדישער צענטער פון׳ם באָלשעוויזם האָט אָבער אויך געזעהן דעם דאָזיגען ווי־

דערשפּרוך צווישען די ווערטער פון די באלשעוויקעס און זייערע מעשים. פּערוועהרען די לעגאלע פּראקטיקער פּיהרען ווייטער זייער ארבייט — וואָלט הייסען אבשוואכען אָדער אפילו פערניכטען זייער איינפלוס אויף די ארבייטער. דאָס האָבען די באלשעוויסטישע פיהרער זעהר גוט פערשטאנען, און האָבען דעריבער אנגעווענדעט אלע זייערע קרעפטען, כדי צו פערשיטען דעם תהום צווישען טעאָריע און פּראקטיקע, כדי אויסצובויען איבער איהם א בריק, כאָטש א פּאַפּיערענעם, נור א בריק. „יא, פערשטעהט זיך, מוז מען ארבייטען אויף לעגאל. ווער זאָגט, אז ניט? דאָס ווידערשפּרעכט אָבער ניט אונזערע אנשויאונגען, ווייל ארבייטענדיג לעגאל, האָבען מיר אין זינען נישט די דאָזיגע קליינע ארבייט, נור טאַקי און אויסשליסליך די רעוואָלוציע. לעגאל ארבייטען — הייסט פאר אונז — אויסנוצען די לעגאלע מעגליכקייטען, כדי בעסער פּאָרצובערייטען די קומעדיגע רעוואָלוציע, אָדער ריכטיגער, די נייע כוואליע פון דער אלטער רעוואָלוציע, ווייל זי האָט דאָך גאָר קיינמאָל ניט אויפגעהערט. — די ליקווידאטארען אָבער פערוואנדלען זייער לעגאלע ארבייט אין אן אבגאָט. זיי ענטזאָגען זיך צוליעב איהר פון דער גאנצער פּראָגראם און פון דער רעוואָלוציע — דעריבער זיינען זיי „בורזשואזע רעפאָרמיסטען“, „ליבעראלע ארבייטער־פּאָליטיקער“ און ניט קיין ס. ד.

ווי דער לעזער האָט געזעהען, זיינען די „ליקווידיטארען“ אינגאנצען נישט שולדיג אין די הטאים, אין וועלכע די „באלשעוויקעס“ האָבען זיי בעשולדיגט — און זיי האָבען זייער לעגאלע ארבייט נאָך פיעל שטארקער און לאָגישער איידער די באָלשעוויקעס פערבונדען מיט זייערע ס. ד. הויפּט־ציעלען.

אָבער וואָס האָט דאָס געשאדט די באָלשעוויקעס? מען האָט געמוזט געפינען אן אויסוועג, מען האָט געמוזט ראטעווען די ליקווידאטאָרישע פּראקטיקע ניט מאכענדיג קיינע טעאָרעטישע הנחות דער „ליקווידאטאָריער“ תורה — און מען האָט דאָס געטהאָן. האלב אונבעוואוסט — אויפ׳ן גרונד פון דער בעקאנטער קרייזעל־פּסיכאָלאָגיע, וואָס ווירקט אויף די מחות ווי א שלעכטער קרומער שפּיגעל, פערדרעהענדיג גלייך אויף קרום און קרום אויף גלייך; און האלב טאקע בעוואוסט, שטיצענדיג זיך אויף דעם בעריהמטען „עטישען“ כלל פון אלע פאנאטיקער און סעקטאנטען: „צוליעב א גרויסער זאך מעג מען אנווענדען אלע מיטלען“...

אזוי איז בעשאפען געוואָרען די הויפּט־אויפגאבע פונ׳ם באָלשעוויזם: פערדעקען, פערשוויגען דאָס אלץ, וואָס פעראייניגט ביידע ריכטונגען אין דער רוסלענדער ס.־ד., און אונטערשטרייכען, פונאנדערבלאָזען אלע אונטערשיידען, אלע היפּוכים, ווי קליינליך און נישטיג זיי זאָלען ניט זיין. און וואָס מעהר דאָס לעבען דערנעהערט די ביידע צדדים איינעם צו דעם אנדערען, אלץ שארפער און ענערגישער דארף זיך פיהרען די דאָזיגע צוטיילונגס־ארבייט.

די נאטירליכע לאָגיק פון אזא מין טאקטיק האָט געמוזט ברענגען — און האָט טאקע געבראכט — די באָלשעוויקעס צו דעם שטרעבונג: שפּאלטען די פּארטיי!

דאָס איז גאָר פשוט. כל זמן ביידע ריכטונגען זיינען אין איין פּארטיי, מוזען זיי איינע די אנדערע אנערקענען אלס חברים, ס.־ד., מוז אויך די פּאלעמיק געפיהרט ווערען אין געוויסע גרענעצען, אויפ׳ן חבר׳שען אופן. ערקלערט מען אָבער דעם אנדער צד אלס אויס־חברים, אלס ניט־ס.־ד. — דאַן קען מען אָפּוואַרפען אָהן א זייט אלע „צערעמאָניעס“ און בעהאנדלען די געוועזענע ברידער אלס — א בורזשואזע ריכטונג! יעמאָלט ווערט פּשוט א מצוה צו בעהאנדלען זיי אלס קלאסען־פיינד פונ׳ם פּראָלעטאריאט, וועקען ביי די ארבייטער שנאה צו זיי און דעם ערגסטען פערדאכט, און אָנווענדען געגען זיי דעם גאנצען ארסענאל פון פערגיפּטעטע געוועהר, וואָס ווערט געוועהנליך געברויכט נור אין די ברענענדסטע מאָמענטען פונ׳ם קלאסען־קאמפּף צווישען אונטערדריקער און אונטערדריקטע.

דאָס איז געווען איין מאָטיוו, וואָס האָט די „לענינצעס“ געטריבען צו שפּאלטונג. אויסערדעם:

פריהער האָבען די „לענינצעס“ נאָך געקאָנט האָפען בייקומען דעם „שונא“ אינוועניג אין דער פּארטיי מיט דער הילפע פון די „נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס“ („בונד“, לעטישע פּארטיי, פּוילישע ס״ד.). אָבער אז עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די „נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס“, ספּעציעל דער „בונד“ און די לעטען, זיינען ניט מיט די „באָלשעוויקעס“, האָבען די לעצטע דערפיהלט, אז די איינינקייט פון דער פּארטיי איז פאר זיי געוואָרען א הינדערניס, א שטערונג אין זייער פערצווייפעלטען קאמפּף מיט די ליקווידאטאָרען.

נור די שפּאלטונג פון דער פּארטיי האָט דעם „באָלשעוויזם“ געקענט זיכערען אן אונבעגרענעצטע הערשאפט איבער א גרויסען טייל פון פּראָלעטאריאט. די שפּאלטונג איז געוואָרען פון דעם לענינשען קרייזעל א לעבענס־נויטווענדיגקייט — און די פּארטיי איז צושפּאלטען געוואָרען.

דר. א. יארמאלינסקי

די לעגענדע וועגען „אייביגען וואנדערער"

„אין יהודה, דעם הייליגען לאנד,
איז געווען אמאל א שוסטער..."

ו. געטהע.

די מעשה מיט'ן אידען, וועלכער האט בעליידיגט קריסטוס'ען און איז דערפאר פער'משפט געווארען אייביג צו זיין נע ונד, איז איינע פון די פאפולערסטע אייראפעאישע לעגענדען. זי ווערט מיט רעכט גערופען: „די קרוין פון לעגענדען". דאס פאלק גלויבט שוין ניט נאאיוו, אז אזא פערזאן עקזיסטירט. דערפאר אבער האט דער „אייביגער וואנדערער" געוואונען, אלס סימבאלישע געשטאלט, מיט וועלכער עס בענוצט זיך עד היום דער פאעטישער געדאנק. אלס סימבאל, איז דער אייביגער וואנדערער אונשטערבליך. זיין שעהנקייט וועט לעבען אין אלע צייטען. ער וועט אימער דורכנעהמען דאס מענשליכע הארץ מיט געהיימען ציטער, אנפילען עס מיט אומעט און עהרפורכט, ווי אלע מאל ווען מיר זעהן פאר זיך גראנדיעזעס, וואס שטרעקט זיך צו די ווייטסטע האריזאנטען און טראגט זיך דורך יאהרטויזענדע.

די לעגענדע פון אייביגען וואנדערער איז נאך איהר אבשטאמונג קריסטליך, אין עצם אבער איז זי טיעף מענשליך; אונז, אידען, איז זי בעזונדערס נאהענט: וואס דען איז אונז געבליבען אלס ירושה פון אונזער אמאליגען גלאנץ, ווען ניט דאס בלאנדזשעניש איבער אלע וועגען פון דער וועלט?

.1

פון וואנען שטאמט די לעגענדע?

די לעגענדע, אין דער פארם ווי זי איז אונז איצט בעקאנט, איז פערהעלטניסמעסיג זעהר יונג — אן ערך 300 יאהר אלט. א געדרוקטע האבען מיר איהר ערשט פון אנהויב 17טען יאהרהונדערט.

די צייט איז דאמאלס געווען זעהר אן אונרוהיגע. עס האבען זיך ארומגעטראגען קלאנגען, אז אין בבל איז אויפגעשטאנען דער אנטיקריסט, וועלכער דארף זיך בעוויזען גאר אין די לעצטע צייטען פאר דעם וועלט־אונטערגאנג. אט געהט ער שוין איינעהמען די וועלט. איינע א פרוי, מיט א גלגול אין זיך, האט ערקלערט, אז זי איז אליין דערביי געווען, ווי דער דאזיגער פירסט פון פינסטערנים איז געבארען געווארען נעבען פאריז פון דעם שטן און א אידישע פרוי. גע'שמד'ט האט מען איהם אויף א „שאבאש", אויף א מכשפת־פערזאמלונג. אן אנדערע, אויך א „געכאפטע", האט פערזיכערט, אז זי האט אליין אויף די הענד געהאלטען דיזען שטן־ממזר. און די געמיטער זיינען געווארען אויפגערודערט: דער גרויסער יום הדין קומט אן, און דער וועלט־אונטערגאנג איז נאהענט. אזוי האבען געשריעבען די בלעטלעך, וואס זיינען צו יענער צייט פערשפרייט געווארען.

ביי אזעלכע אומשטענדען איז אין 1602, אין דייטשלאנד, ערשיענען א מאגער ביכעלע, אהן דעם נאמען פון אויטאר. דעם דאזיגען ביכעלע איז בעשערט געווען א גלענצענדע צוקונפט. דאס ביכעל האט אפילו די לעגענדע ניט בעשאפען, עס האט איהר אבער פאפולער געמאכט ווייט און ברייט איבער דער וועלט.

די וואונדערבארע געשיכטע, וואס דאס ביכעלע גיט איבער, איז געשריעבען אין דער פארם פון א בריעף — געשריעבען פשוט, אהן קונצען, און די עצם ערצעהלונג, כדי עס זאל האבען א שיין פון אמת, איז אריינגעלעגט געווארען אין מויל פון שלעזוויגער בישאף, פוילום פאן אייטצען, וועלכער איז געווען א בעריהמטער געלעהרטער. ער זאל עס האבען דערצעהלט צו זיינע פריינד. איינמאל, ווען ער איז אלס סטודענט געווען אין האמבורג, האט ער אין דער קירך בעמערקט א מאן פון א זעהר מאדנעם אויסזעהן — אין לעכערדיגע הויזען, אין א ראק ביז די קניה און אן אויבערמאנטעל. אויסגעקוקט האט ער א יאהר 50, האט געטראגען לאנגע ביז איבער די פלייצעס האר און כאטש עס איז געווען שטרענגער ווינטער, איז ער געגאנגען בארפיס. ער האט פרום צוגע־

„אהאספער טרייבט קריסטוס'ען" — א בעלגישע גראַווירור־צייכנונג.

הערט די דרשה און ביי יעדעם מאָל, ווען מען האָט דערמאָהנט קריסטוס'עס נאָמען, האָט ער זיך מיט אימפּעט געקלאַפּט אין ברוסט.

דער יונגער סטודענט האָט זיך פּעראינ־טערעסירט אין דעם אונבעקאַנטען און האָט זיך מיט איהם צורעדט. און יענער האָט איהם דערצעהלט, אז ער איז א איד, שטאמט פון ירושלים, זיין נאָמען איז אהאספער, זיין מלאכה — שוסטעריי. ער איז אן עדות געווען פון קריסטוס'עס קרייציגונג און פון די אַלע גע־שעהעניסען, וועגען וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין יעוואנגעליום, און זייט דאמאלס איז ער געבליעבען לעבען. צו דער צייט פון קריסטוס האָט ער געלעבט אין ירושלים און אלס פרומער איד האָט ער געטהאָן אלץ, וואס איז געווען אין זיינע קרעפטען, אום קריסטוסען אומצוברענ־גען, ווייל ער האָט איהם געהאַלטען פאַר א פאַלשער משיח און פערפיהרער. נאָך'ן אור־טייל איבער קריסטוסען, איז ער פון סנהדרין געלאָפען אהיים, ארויסגענומען זיין גאנצע הויז־געזינד אויף דרויסען, דאָס קלענסטע קינד אויף די ארעמס, און איז געשטאַנען און גע־וואַרט. דער פאַלשער משיח האָט דאָ געדארפט פארבייגעהן אויף זיין וועג צו דער קרייציגונג. און אָט געהט ער, מיט'ן שווערען קרייץ אויפ'ן רוקען. ביי אהאספער'ס הויז בלייבט ער שטעהן, שפּארט זיך אָן, ער האָט שוין מעהר קיין כוחות ניט. אין זיין פרומען כעס האָט דער בעל־הבית פון הויז גענומען איהם זידלען און טרייבען. דאָ האָט קריסטוס אויפגעהויבען אויף איהם זיינע אויגען און געזאָגט: איך וועל שטעהן און רו־הען, אָבער דו זאָלסט געהן (ביז אין לעצטען טאָג אריין, ווי עס ווערט צוגעגעבען אין די שפּעטערע אויסגאבען). דער אומגליקליכער לאָזט אראָב דאָס קינד און נעהמט געהן. ער געהט מיט קריסטוסען ביז צו דעם קרייציגונגס־פּלאַץ און געהט ווייטער. ער האָט שוין זיין הויז און זיין הויזגעזינד ניט געזעהן. ער האָט פערלאָזט די שטאָדט און זיך גענומען וואגלען איבער דער וועלט. אז ער האָט אין 100 יאָהר ארום בעזוכט ירושלים, האָט ער געפונען חורבות און א מדבר ארום.

אין זיינע געוואוינהייטען איז ער זעהר בע־שיידען: שטיל און איינגעהאַלטען, רעדט נור, ווען מען פרעגט איהם; עסט ווייניג, מעהר ווי צוויי שילינג נעהמט ער קיינמאָל ניט, און דאָס צוטיילט ער אויך; לאַכט קיינמאָל ניט און וואו ער זאָל ניט קומען, רעדט ער די שפּראַך פון לאַנד, ווי זיין מוטער־שפּראַך.

שפּעטער, דערצעהלט דער פערפאסער, האָט מען איהם געזעהן אין מאַדריד (שפּאניען) און דאנציג. פון פיעל געהן זיינען זיינע פיאטעס געוואָרען הארט ווי האָרן; ביים אויסמעסטען זיינען זיי געווען צוויי פינגער דער דיק.

דאָס איז אין קורצען דער אינהאַלט פון יענעם מוסר־ספר'ל.

פון וואנען האָט זיך גענומען די לעגענדע?

אין גרונד איז זי א טראַדיציע, וואָס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. אין מיטעלאַלטער איז אן עהנליכע לעגענדע ניט איינמאָל פער־שריעבען געוואָרען פון די כראָניקערס. מיט דעם אונטערשיעד, וואָס די שטראף איז

„אויפ'ן וועג צו דער קרייציגונג" — דייטשע האָלצשניט. צום ערשטען מאָל פובליצירט.

דאָרט אייביגע חרטה, ניט אייביגע נע־ונד. עס הייסט אזוי: די פּילִיגרימען, וואָס זיינען אין 1223 געקומען אין אן איטאַליענישען קלויסטער, האָבען דערצעהלט, אז אין ארמעניען האָבען זיי געטראָפען א יהודי, וועלכער האָט אליין צוגעזועהן קריסטוסעס ליידען און וועלכער, בעגעגענדיג איהם אויפ'ן וועג צו האלגאטהא, דעם קרייציגונגס־פּלאַץ, האָט ער צו איהם מיט פעראכטונג א זאָג געטהאָן: געה דו, פערפיהרער, און בעקום דעם חלק, וואָס דו פערדיענסט. דערויף האָט קריסטוס געענטפערט: איך געה,

פון דער דייטשער בראָשור, אויסגאַבע 1618. קופּערשניט.

און דו װאַרט ביז װאַנען איך װעל צוריק קומען.

דיעזער יהודי ווערט פון דאָס ניי יונג צו יעדע 100 יאָהר און וועט ניט שטאַרבען ביז קריסטוס'עס צווייטען אָנקומען.

דאָ, ווי איהר זעהט, איז דער לעסטערער א איד, און דריי אנדערע וואַריאַנטען איז זיין נאַציאָנאַליטעט אונבעשטימט, — און עס איז פאַרהאַן א גרונד אָנצונעהמען, אַז ער איז גיכער א רוימער. פון ענגלאַנד קומט די נאַכריכט, אז היסען הייסט ער קאַרטאַפּיל און אז ער האָט געדיענט צו דער צייט פון קריסטוס פאַר א טהיר־שטעהער אין ירושלים'ער געריכטס־הויז. איצט לעבט ער אין ארמעניען, טהוט תפילה אויף זיין שווערע זינד און האָפט אויף גאָט'ס גנאַד.

אין איטאַליען איז אויך צו דער לעגענדע צוגעקומען א נייער עלעמענט — דאָס נע־ונד זיין. די מעשה פון א צייט־גענאָסע פון קריסטוס, וועלכער לעבט נאָך איצט — איז זעהר פאָפּולער געוועזען צום סוף פון מיטעלאַלטער און די פּאָעטען ריידען פון דעם, ווי פון א בעוואוסטער זאַך און בריינגען עס אלס קלאַסישען ביישפּיעל פון לאַנג לעבען.

דזשיאַוואַני באָטטאַדיא (אונטער דיעזען נאָמען פיגורירט ער אין איטאַליען) איז אָנגעטהאָן ווי א מאָנאַך, געהט באָרפיס אָדער אָנגעטהאָן אין איין סאַנדאַליע. בעוועגט זיך אונגעוועהנליך שנעל און קען ווערען א רואה ואינו נראה. קייטען, געפענגניסע האָבען אויף איהם קיין מאַכט ניט. מעהר ווי 3 טעג קען ער ערגיץ ניט פערבלייבען. ער איז פריינדליך צו מענשען, בעזונדערס צו קינדער, העלפט גערן מיט א ראַטה. אַלע סודות, און אויך די צוקונפט, זיינען אָפען פאַר זיין אויג. ווייס אַלע שפּראַכען און דיאַלעקטען — אפילו די לאָקאַלע ווערטלעך זיינען איהם בעקאַנט; האָט ניט פיינד א גוטען ביסען און אויך א טרונק בראַנפען.

אזוי מאָלט איהם, דעם דזשיאַוואַני (דעם אייביגען וואַנדערער), א חנ'עוודיג נאַאיווע ערצעהלונג (פון 15טען יאָהרהונדערט), געשריבען פון איינעם אנטאָניא פראַנטשעסקי, ביי וועמען דער אייביגער וואַנדערער אַליין איז געוועזען צו גאַסט. איינמאָל איז זיין קומען אויסגעפאַלען אום שבת. אנטאָניא האָט איהם געבעטען ערלויבנים אויסצוואַשען איהם דעם קאָפּ. „און אַז איך האָב מיט גרויס דרך ארץ איהם זיין קאָפּ אויסגעוואַשען — און זיין קאָפּ האָט געשמעקט — האָב איך איהם געבעטען א געפעליגקייט. האָט ער געזאָגט: בעט. האָב איך געזאָגט: ווען אויף דעם וועט זיין אייער ווילען, ענטפערט מיר־קלאָר: זייט איהר דאָס דזשיאַוואַני באָטטאַדיא? — האָט ער געענטפערט: איהר האָט פערדרעהט דאָס וואָרט. — ווי אזוי? — מען דאַרף ארויסריידען דזשיאַוואַני באַטטע—אידדיא — ד. ה. דער, וואָס האָט געשלאָגען גאָט. דאָס איז דער דזשיאַוואַני, וועגען וועלכען דו רעדסט. — פרעג איך איהם: זייט איהר דאָס דזשיאַוואַני? — האָט ער געענטפערט: אַנטאָניא, זוך ניט טיעפער. —און ער האָט אַראָבגעלאָזען דאָס פּנים און טרעהרען האָבען געטריפט פון זיינע אויגען און מעהר האָט ער א וואָרט ניט גערעדט. און דער אויטאָר ענדיגט מיט א פרומען שפּרוך: פאַרהאַן וואָס גלויבען, אז דזשיאַוואַני וועט זיין דער דריטער עדות פון קריסטוס'עס מעשים אין די לעצטע צייטען —

„דער אמת׳ער פּאָרטרעט פון דעם וואַנדערענדען אידען" — געזעהן אין בריסעל דעם 22 אַפּריל, 1774.
א טיפּישעס פראַנצויזישעס בילד, פאַבריצירט אין מזרח־פראַנקרייך.

צוזאַמען מיט חנוך און אליהו, וועלכע געפינען זיך אין גן־עדן התחתון.

האָבען מיר אַלזאָ צוגעפיהרט די דייטשע לעגענדע פון 17טען יאָהרהונדערט צו דער מיטראַלטערליכער לעגענדע פון קאַרטאַפּיל־באַטטאַדיא. און די לעגענדע ווידער איז, ווי מען נעהמט אָן, אַ צונויפגעגאָסענע פון צוויי לעגענדארישע מאָטיווען, וואָס דערגרייכען אזש ביז צו דער ערשטער צייט פון קריסטענטום. אין יענע גאַנץ אַלטע צייטען האָבען לעגענדען זיך געפּרוכפּערט און געמעהרט, און אַ טייל פון זיי זיינען קאַנאַניזירט געוואָרען (אנערקענט פון דער קירכע) און זיינען אריין אין עוואַנגעליום, און אַ טייל זיינען געבליעבען אַפּאַקריטיש, אויסער דעם הייליגען קאַנאָן. די צוויי לעגענדארישע מאָטיווען זיינען וועגען מלכי און אַפּאָסטאָל יאָהאַן.

מלכי איז דאָס יענער קנעכט פון כהן־גדול, וועמען אַפּאָסטאָל פּעטער האָט אָבגעהאַקט אַן אויער ביי דעם איבערפאַל אויף קריסטוס — אין גאָרטען פון גת שמן. ער איז שפּעטער צונויפגעמישט געוואָרען מיט'ן כהן־גדול'ס דינער, וועלכער האָט געפּאַטשט קריסטוסען אין דער נאַכט פון זיין משפּט, און נאָך שפּעטער — מיט דעם רוימישען סאָלדאַט, וועלכער האָט דורכגעשטאָכען אַ זייט דעם געקרייציגטען קריסטוס. אַ זעהר פּאָפּולערע מיטעלאַלטערליכע לעגענדע דערצעהלט, אַז אָט דער מלכי איז פער'משפּט געוואָרען צו אונשטערבליכקייט און אייביגע יסורים פון חרטה. אַ צווייטע לעגענדע, אַז ער באַדט זיך אייביג אין טרעהרען אין אַ הייהל אונטער האַלגאָטהאַ; אַנדערע לעגענדען — אַז ער איז איינגעטונקט אין אַ שוועבעל־אַזערע, אָדער אַז ער איז פערשלונגען ביז דער העלפט פון דער ערד, אָדער אַז דריי מאָל טעגליך ווערט ער אויפגעפרעסען און ארויסגעשפּיען פון אַ חיה (אַן אַלט רוסישע לעגענדע).

דאָ איז די אונשטערבליכקייט אַ שווערע שטראָף. אין די לעגענדען וועגען אַפּאָסטאָל יאָהאַן איז די בעפרייאונג פון טויט פערערכענט אַלס אַ בעזונדערער חסד פון גאָט. יאָהאַן איז, לויט דעם יעוואַנגעליום, געווען דער געליעבטעסטער שילער פון קריסטוס, וועלכער איז „געלעגען ביי זיין ברוסט“. וועגען איהם דערצעהלט די זאגע, אַז ער איז ניט געשטאָרבען און וועט ניט שטאַרבען ביז קריסטוס צווייטען אָנקומען. אין 4טען יאָהרהונדערט איז אויפגעשטאַנען אַ פּערזאָן, וועלכע האָט זיך אָנגעגעבען אַלס אַפּאָסטאָל יאָהאַן. די זאגע קען מען נאַכשפּירען אזש ביז'ן 17טען יאָהרהונדערט, ווען אַ קריסטליכע סעקטע אין ענגלאַנד האָט ערוואַרט אַ רעפאָרם אין דער קירכע פון דעם אַפּאָסטאָל, וואָס איז געבליבען לעבען.

ווי אַזוי דיביידע זאגען — וועגען מלכי און יאָהאַן — האָבען זיך צונויפגעוואַקסען אין איינעם און געשאַפען די לעגענדע פון קאַראַטאָפּיל־באַטטאַדיא, איז שווער צו זאָגען. אין איטאַליען (און אפשר אַנדערשוואו) האָט זיך די לעגענדע, ווי מיר האָבען געזעהן, בערייכערט מיט אַ נייעם שטריך — דאָס נע־ונד זיין. דאָס נע־ונד זיין טרעפען מיר אין דער דייטשער מיטהאָלאָגיע, און אויך אין די מיטהען פון אַלט־גריכענלאַנד און אינדיען. אין איינער פון די־זע לעגענדען, האָט זיך, ווי מיר האָבען געזעהן, דורכגעוואָרפען אַ שטריך, אַז דער לעסטערער איז געווען אַ איד. אָבער דורך'ן גאַנצען מיטעלאַלטער האָט דיעזער שטריך געפעהלט. און ערשט אין אָנהויב 17טען יאָהרהונדערט, ווען די לעגענדע האָט ערוואַכט צו אַ נייעם לעבען, איז דער לעסטערער, דער בעל תשובה, דער נע־ונד'ניק געוואָרען אַ איד. דער איבערגאַנג איז אַזוי נאַטירליך, אַז עס פּאָדערט קיין ערקלערונג.

די פערשיעדענע גלגולים פון „אייביגען וואַנדערער“.

די דייטשע בראָשור פון 1602 האָט ארויסגערופען אַ מבול מיט ליטעראַטור וועגען דעם „אייביגען וואַנדערער“. די אויסגאַבען פון דער בראָשור האָבען געפאָלגט איינע נאָך דער אַנדערער. פון דער 4טער אויסגאַבע אָן איז די ערצעהלונג בעציערט געוואָרען מיט אַ גראַווויור, וואָס שטעלט פאָר אהאַספער'ן און די הויפּט־סצענען. פאַר'ן לעזער ווערט נאָך צוגעגעבען אַ שטיק מוסר — אַ בעטראַכטונג וועגען דעם, וואָס פאַר אַ כוונה גאָט האָט דאָ געהאַט, איבערלאָזענדיג אהאַספער'ן ביים לעבען. דער אויטאָר צווייפעלט ניט, אַז די כוונה איז צו בעקעהרען די „פער'עקשנ'טע און פערבלענדעטע אידען“ צום קריסטענטום און צו בעשעהמען די אַפּיקורסים.

באַלד הייבען זיך אָן אַ רייה דיספּוטען פון געלעהרטע און טעאָלאָגען וועגען דער לעגענדע. די מעהרהייט איז סקעפּטיש. אַ טייל זיינען פאָרזיכטיג און לאָזען די פראַגע וועגען אהאַספער, צי ער עקזיסטירט, צי ניט, אונגעלעזט. אָבער אייניגע גלויבען דאָך. צווישען די לעצטע איז געווען איינער פּאַוילי, וועלכער האָט געטראָגען דעם צונאָמען—„דער אידישער קעניג“. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגע פערזענליכקייט. אַליין פון לוטערישען גלויבען, האָט ער געטרוימט אויפצובויען צוריק דעם בית המקדש און אומצוקעהרען צוריק די אידען קיין ארץ ישראל — אין איינער פון זיינע בראָשורען בעווייזט ער, אַז דער אייביגער איד עקזיסטירט, און ניט נור איינער, נור צוויי, און ביידע זיינען בערופען מודיע צו זיין דער וועלט וועגען זיין, פּאַוילי'ס, מיססיאָן — אויפצוריכטען דעם בית המקדש.

שודט, דער געלעהרטער פּראָפעסער פון די „אידישע מערקווירדיגקייטען“ (1714) זעהט אין דער לעגענדע אַ סימבאָלישען זין. „דיעזער

וואַנדערנדער איד, זאָגט ער, איז ניט קיין איינ־צעלנע פּערזאָן, נור דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וואָס איז צוזייהט און צושפּרייט נאָך קריסטוסעס קרייציגונג און וואָגעלט אַרום איבער דער וועלט און איז פעראורטיילט צו בלייבען אין אַזאַ צו־שטאַנד ביז'ן גרויסען יום הדין, אום צו זיין עדות פאַר קריסטוס". דיעזען געדאַנק האָט מען שפּע־טער אויפגעכאַפּט און ווייטער ענטוויקעלט.

ווען די לעגענדע האָט ניט געפונען קיין צו־טרוי ביי די געבילדעטע קלאַסען, איז זי אָבער ביים פאָלק איינגעבאַקען געוואָרען אין האַרצען. דער וואַנדערנדער איד ווערט אַן אָפטער גאַסט אין די שטעדט און שטעדטלאָך פון דייטשלאַנד. ער ווייזט זיך אויף די גרויסע שאַסעען און פער־וואָרפענע סטעזשקעס, געהט אַריין אין הייזער, שטעלט זיך אָפּ אויף די עפענטליכע פּלעצער. נאָך אין 19טען יאָהרהונדערט האָט מען איהם געזעהן אין פערשיעדענע טיילען פון דייטשלאַנד.

זיך קיינמאָל ניט אויס, און ער קלעקט איהם אויף אַלץ. אין אַ ניעדער־עסטרייכישען דאָרף איז פאַרהאַן הינטער אַ שוסטער'ס הויף אַ טיעפע גרוב און אַהין וואַרפען די פויערים אַלטע שוכ־וואַרג פאַר'ן „אייביגען אידען", ווענען זיי קע־נען צוניץ קומען אין זיינע וואַנדערונגען איבער די ווילדערניסען. ער איז זעהר פרום און איהם טהוט וועט דאָס האַרץ, וואָס דער אַלטער גלוי־בען איז אַזוי געפאַלען.

פערהעלטניסמעסיג שפּעט געפינען מיר די לעגענדע פון אייביגען אידען אין דער שווייץ, אָבער די ערצעהלונג טראָגט סמנים פון גאָר אַלטע צייטען. זיינע וואַנדערונגען גע־העט פון דרום צו צפון און זיי חזר'ן זיך איבער פעריאָדענווייז.

ער געפינט רק אויס, אַז אויף דער ערד ווערט אַלץ ערגער און ער פערבינדט עס מיט דער וואַקסענדער גאָטלאָזיגקייט. ווען

פון דער בילדער פאַבריק אין מעץ, פראַנקרייך.

דער עלטסטער דייטשער פּאָרט־רעט. פון דער דייטשער בראָ־שור, אויסגאַבע 1602.

פון דער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון דער דייטשער בראָשור.

און דאָס פאָלק קוקט זיך צו צו זיין אַלט־אַלטער געשטאַלט און געפינט אויס טויזענדער נייע שטריכען און שטריכלאָך — מאַנכע וואונדערלי־כע, מאַנכע ריהרענדע.

אַהאַספער שלאָפט ניט מעהר ווי אַ שטונ־דע, אין פעלד, אויף אַ שטיין, אויפ'ן אַקער־איי־זען אָדער אויף אַ בראַנעווע; אָדער ער שלאָפט גאָר ניט און געהט אַרום אַ גאַנצע נאַכט אַרום טיש, וועלכען ער רוקט אַרויס אין מיטען צי־מער. אויף איין פּלאַץ קאָן ער מעהר ניט פער־ברייגען, וויפיעל עס פאָדערט צייט אויפצו־עסען ווייס־ברויט אויף אַ שטיוער (אַן אַלטע מטבע). לויט אַ טיראָלישער מעשה'לע געהט ער דריי טריט פאָרווערטס און צוויי צוריק. ער טראָגט אַ הוט, מיט ברייטע ברעגען, גרויע הויזען, אַן איינפאַכען ראָק און אַ צווייטען, אַ גראָ־העז, אַ פערשמוצטען, טראָגט ער אין האַנד. ער האָט זיין פערמעגענס אַ גראָשען, וועלכער לאָזט

ער האָט זיך צום ערשטען מאָל אויפגעהויבען אויפ'ן באַרג נעבען דעם רהיינישען גלעטשער, האָט ער געפונען אַ וויינגאַרטען; צום צוויי־טען מאָל — אַ סאָסנע וואַלד; צום דריטען מאָל שנעע און נאַקעטע פעלזען. ווען ער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער גענומען וויינען, און ער האָט אַזוי פיעל טרעהרען פערגאָסען, אַז עס איז פון זיי געוואָרען אַן אָזערע.

אַן אַנדער לעגענדע דערצעהלט: צווי־שען איטאַליען און דער שווייץ איז אַמאָל גע־ווען אַ גרויסע שטאָדט, וואו דער אייביגער איד איז אויפגענומען געוואָרען זעהר פריינדליך. ווען אין טויזענד יאָהר אַרום איז ער געקומען נאָך אַמאָל, האָט ער געפונען אַ נאַקעטען שוואַרצען פעלז. האָט ער גענומען וויינען און דערפון איז געוואָרען די שוואַרצע אָזערע.

אַ ציוריכער פּאַסטער דערצעהלט אין זיין טשיקאַווער געשיכטע פון די אידען (1766), אַז

ביי דער בערנער ביבליאָטעק געפינען זיך אהאספער'ס שטעקען און א פּאָאר שיך. דער שטעקען איז דיק און שטאַרק, די שיך זיינען געוואלדיג גרויס — א וואונדער פון שוסטער־קונסט. אין די 70ער יאָהרען איז די ביבליאָטעק איבערגעבויט געוואָרען און דאמאלס שיינט עס זיינען די שיך פערלאָרען געגאנגען. אין אולם (דייטשלאנד), אין מוזעאום, ווייזט מען נאָך עד היום אהאספער'ס שיך — פון משונה'דיגער פאָרם און געוואלדיגער גרויס.

די דייטשע בראָשור איז זעהר פריה איבערזעצט געוואָרען אין פראנצויזיש און האָט געהאַט אין פראנקרייך דעמזעלבען ערפאָלג. נאַטירליך, אין דעם נייעם לאַנד האָט די לעגענדע גענומען זיך ווייטער ענטוויקלען. די געשיכטע ווערט שטאַרק פערענדערט, זי נעהמט אריין עפּיזאָדען פון עהנליכע לעגענדען און עס ווערט א גאנצער ראָמאַן מיט אוואנטיורען, וואָס מאכט די לעגענדע שטאַרק פערשיעדען פון דעם דייטשען אָריגינאַל. אהאספער שטאַמט שוין פון שבט נפתלי. זיין פאטער א סטאָליאַר, זיין מוטער — א נעהטאָרין, וואָס פערפערטיגט בגדים פאר די לויים. נאָך זיין פעראורטיילונג צו „נע־ונד", טרייבט ער זיך ארום איבער פערשיעדענע לענדער. ער האָט זיך שוין ניט איינמאָל געוואָרפען אין שלאַכט, צו זוכען דעם טויט, און דער טויט נעהמט איהם ניט ; זיין לייב איז הארט ווי א פעלז. ניט איינמאָל האָט ער געליטען שיפבּרוך, און ער איז ארויסגעשוואומען ווי א פעדערל אויף דער אויבערפלעך. אין שפּייז און טראנק נייטיגט ער זיך ניט. זיינע בגדים ניצען זיך ניט אויס. פיער מאָל איז ער ארומגעגאנגען דעם ערד־קוגעל און געפינט אז עס געהט אַלץ צו ערגער.

ביים פאָלק איז דער וואנדערנדער איד (Le Juif Errand) געוועזען שטאַרק פּאָפּולער, בעזונדערס אין ברעטאַן (צפון מערב פון פראנקרייך). דאָרט האָט דאָס פאָלק געזונגען וועגען איהם טרויעריגע ליעדלאַך. אין איין דאָרף האָט ער זיך בעוויזען אין דער געשטאַלט פון א מאגערען אלטען־אַלטען מאַן, מיט א לאַנגער ווייסער באָרד. און ער האָט דערצעהלט, אז ער איז שוין דאָרט געווען מיט טויזענד יאָהר צוריק, און דאָס דאָרף איז גאָר נישט צו דערקענען.

אין מאנכע געגענדען ווערט זיין בעזוך געהאַלטען פאר א בייזען סמן. לויט איין לעגענדע, האָט גאָט בעדעקט די פּרוכטבארע פעלדער אויף די שפּיצען פון די אַלפּען מיט אייז און שנעען, כדי צו פערשטעלען אהאספער'ן דעם וועג פון איטאַליען קיין פראנקרייך. אנדערשוואו מאָלט מען איהם ווי א ריעז. אין א וואלד, אין אוואסאַן, ליעגט אן אונגעהויער גרויסער שטיין. זאָגט דאָס פאָלק, אז דאָס איז בלויז א שטויבעלע פון בודעדעאָ'ס שוך — בודעדעא — אזוי הייסט אין ברעטאַן אהאספער, — וואָס ער האָט אראָבגעוואָרפען, פארבייגעהענדיג. יא, מען זאָגט נאָך אויף איהם אז וואוינען וואוינט ער גאָר אויף דער לבנה, און ער קלייבט דאָרט הויפענס מיט טרוקענע צווייגען, כדי אונטערצוצינדען די ערד ביים גרויסען יום הדין.

אָבער איהר גרעסטע פּאָפּולאריטעט האָט די לעגענדע צו פערדאנקען אין פראנקרייך די שמיר־ און שונד־בילדלאַך, וואָס ווערען דאָרט מאַסען־ווייז פאבריצירט. אויף די דאָזיגע בילדלאַך איז דער אייביגער וואנדערער, אזוי ווי די גאָטסמוטער, די הייליגע, סאנדריליאָנא, נאפּאָלעאָן און פערשיעדענע גענעראַלען, א געוועהנליכע פיגור. די טעכניק איז די איינפאכסטע.

פון דער בעריהמטער פאבריק אין עפּינאל — וואָגעזען — פראנקרייך.

אהאספער ווערט געמאָלען ווי ער געהט אין וועג, מיט א שטעקען אין האנד, א היטעל אויפ'ן קאָפּ, אין קורצע הויזעלאַך, מיט א פארטוך און אין סאנדאַליען. ער איז ארומגערינגעלט מיט קלענערע בילדעלאַך, וואָס אילוסטרירען די הויפּטמאָמענטען פון דער לעגענדע ; פון דער ווייטענס האלגאטא מיט די צלמים. אָפט מאָל ווערט די סצענע איבערגעטראגען אויפ'ן ברעג ים. צום בילד ווערט נאָך צוגעדרוקט א נאאיוועס פאָלקס־ליעד וועגען דעם טרויעריגען מזל פון דעם אידען.

די דייטשע בראָשור האָט אויך אריבערגעוואַנדערט קיין דענעמאַרק און אין שוועדען, און פון דאָרט קיין איזלאַנד — דעם סאַמע צפון פון אייראָפּאַ, און אויך דאָרט איז די לעגענדע שטאַרק פּאָפּולער געוואָרען.

פון פראַנקרייך איז די ערצעהלונג אריבער קיין האָלאַנד און בעלגיען. אַ מעשה, ווי אַזוי דער אייביגער וואַנדערער האָט זיך בעגעגענט מיט צוויי בריסעלער בירגער, איז אַ זעהר אָפּטער סוזשעט פון די פאָלקס־בילדלעך.

ענדע 17טען יאָהרהונדערט האָט געטראָפען, אז אַ שווייצאַרישער פּאַסטאָר, אַ בכבוד'ער זקן מיט אַ שנעע־ווייסע באָרד, איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. מען האָט איהם אָנגענומען פאַר אהאַספער און זיין פּאָרטרעט איז פערשפרייט געוואָרען אלס אַ בילד פון דעם וואַנדערענדען אידען. דיזער פאַקט און אַ סך אַנדערע בעווייזען, ווי פּאָפּולער די לעגענדע איז געוועזן אין ענגלאַנד.

אויך אין דרום־אייראָפּאַ איז דער „אייביגער וואַנדערער" אַ בעקאַנטע פיגור. אין איטאַליענישע דערפער ווייזט ער זיך זעהר אָפט. ער קויפט זיך אַיין ברויט, פוטער און געהט זיך אַוועק. און אַלע מאָל האָט ער איין מטבע — 5 סאַלדי (אַ קליינוועדטיגע מטבע). זיין באָרד איז אַזוי לאַנג, אז ער מוז זי ארומוויקלען עטליכע מאָל ארום קערפּער. איינמאָל האָט ער אין סיציליען אָבגעשטאַטען אַ בעזוך ביי אַ פויער און האָט איהם אויסגעלערנט 5 גאָר מערקווירדיגע תפילות.

און אין שפּאַניען איז ער בעקאַנט אונטער צוויי פערשיעדענע נעמען. די שפּורען פון „אייביגען וואַנדערער" קען מען מערקען סיי אין דער ליטעראַטור און סיי אין דער פאָלקס־אַבערגלויבענס. איין מעשה'לע גיט זעהר אָריגינעל איבער אהאַספער'ס פערברעכען. ווען קריסטוס איז פערבייגעגאַנגען דעם אידענ'ס הויז, האָט ער צו איהם אַ זאָג געטהאָן: „כואַן, איך לייד!" דארויף האָט יענער געענטפערט: „געה זיך דיר דיין וועג; איך לייד מעהר פון דיר, איך בין טאָג און נאַכט צוגעשמידט צו אַ קאַטאָרזשנע אַרבייט". דערפאַר איז ער עס אַזוי בעשטראָפט געוואָרען. וואַריאַנטען פון דער דאָזיגער לעגענדע האָט מען אויך פערשריעבען אין גריכענלאַנד.

אַ מעשה'לע מיט אַן עהנליכער טענדענץ איז פערשריעבען געוואָרען אויפ'ן אינזעל מאַלטאַ. איל קומבו (אַזוי הייסט דאָרטען אהאַספער) האָט אָבגעשטויפען קריסטוס'ען, וועלכער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין הייזקע, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אז זיין חורבה'צקע זאָל ניט איינפאַלען אונטער דער שווערער משא פון קרייץ. און דערפאַר ליידט נעבעך איל־קומבו. זיין באָרד דערגרייכט ביז צו דער ערד, זיינע נעגעל זיינען אָנדערהאַלבען שפּאַן דערליינג, און אויף זיינע פיס זעהען זיי אויס ווי קאַפּיטעס און קלאַפּען ווי קיה'עשע.

אַן עהנליכע מעשה'לע איז פערשריעבען געוואָרען אין גראָדנער גובערניע. די בעלאָרוסישע מעשה'לע טראָגט דעם נאָמען: „זאַ שטאָ זשיד פאַ סוויעטצי ציאַהאיעצסיאַ?" (פאַר וואָס בלאָנדזשעט דער איד אויף דער וועלט?) עס ווערט דאָרט דערצעהלט, ווי אַזוי קריסטוס אויפ'ן וועג צו דער קרייציגונג האָט אָנגעשפּאַרט דעם קרייץ אָן דעם הויז פון אַ

„דער אמת'ער פּאָרטרעט פון דעם וואַנדער. אידען",
„געזעהן" אין אַוויניאָן (פראַנקרייך)
דעם 22טען אַפּר., 1784.

אידען. איז יענער ארויסגעלאָפען און האָט אויסגעשריען: „טי מניע דאָם ראַזוואַליש!" (דו וועסט מיר די הייזקע איינוואַרפען!).

דערפאַר איז ער פערשאָלטען געוואָרען.

פראַפעסאָר פאַליוואַקא, פון פראַג, מאַכט אויפמערקזאַם, אז עס איז פאַרהאַן נאָך אַנדערע סלאַווישע וואַריאַנטען פון דער דאָזיגער לעגענדע.

און צולעצט איז אהאַספער גאָר ניט לאַנג אַריבערגעשוואומען דעם אָקעאַן. אַ מאָרמאָנישע צייטונג האָט געבראַכט די איבערראַשענדע נייעס, אז אין דאָרף (Harts Corners, N. Y.) האָט זיך בעוויזען דער אייביגער איד און ער איז זעהר פריינדליך אויפגענומען געוואָרען פון פאַרמער (O'Grady) און האָט איבערגעלאָזט ביים בעל הבית אַ גראָבען ספר, מיט ציטאַטען פון תלמוד, וועלכע בעווייזען בפירוש, אז ער איז ניט קיין אַנדערער ווי אהאַספער בכבודו ובעצמו.

אָט דאָס אַלץ געפינען מיר ביי די אומות העולם וועגען דעם „אייביגען אידען". דער לעזער וועט געווים זיך פערוואונדערען, ווען מיר וועלען איהם ערקלערען, אז קיין שפּור פון

איהם איז ניט צו געפינען אין דער גאַנצער מיטעל־אַלטערליכער אידישער ליטעראַטור. די געשטאַלט פון „אייביגען אידען“ האָט, ווי עס ווייזט אויס, גאָר ווייניג גערעדט צו דער אידישער פאַנטאַזיע. און דאָס איז נאָך איבעררא־שענדער דערפאַר, וואָס גאָר אָפט פלעגט די מעשה׳לע פון „אייביגען אידען“ פערוואַנדלען זיך אין א טרויעריגע ווירקליכקייט פאַר די איינוואָהנער פון גהעטאָ. „ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון אידען — דערצעהלט א האָלענדישער טעאָלאָג — אז גרויסע מחנות קאַטאָליקען פלעגען זיך אריינכאַפּען אין דעם אידישען קוואַרטאַל, גלויבענדיג, אז דאָרט בעהאַלט זיך דער איד, וועלכער איז, לויט זייער מיינונג, געבליעבען לעבען זייט קריסטוס און בלאָנדזשעט און וועט בלאָנדזשען פון אָרט צו אָרט ביז׳ן גרויסען יום הדין“.

אָבער דער פאַקט בלייבט א פאַקט: דער „וואַנדערענדער איד“ האָט זיך אין ערגעץ ניט בעגעגענט מיט׳ן וואַנדערענדען אידען.

דוד איינהאָרן

דער סוד פון איהרע האָר

(ערצעהלונג)

זאָל מיר גאָט פאַרגעבען די זינד און מוחל זיין, וואָס איך נעהם אראָב דעם פּרכת און בין מגלה איין סוד פון די מיליאָנען לעבעדיגע סודות, וואָס פילען אָן אַלע שטעדט, אַלע דערפער, יעדעס הויז, וואו עס געפינט זיך נאָר אַ מענש, וואו עס קלאַפּט נאָר אַ מענשליך האַרץ און עס פינקעלט אַ מענשליך אויג.

איך וויס, ווי ער בעהאַלט די סודות; איך וויס, וואָס פאַר א גרויסע זינד עס איז אויפצוהויבען אַ ברעם פון א פאַרשטעלט אויג, צולייגען דעם אויער צו אַ מענשליך האַרץ און צעהלען זיינע קלעפּ; פאַר׳גנב׳ענען זיך אין אַ זומערדיגע לבנה־נאַכט הינטער אַ געדיכטען בוים און צוהערען זיך צום געשפּרעך פון צוויי פאַרליעבטע; אַריינקוקען דורכ׳ן שלאָס־לעכעל פון טהיר אין צימער פון אַן איינזאמען מענשען בשעת ער געהט הין און צוריק און רעדט מיט זיין נשמה.

איך וויס דעם פערברעך, נאָר איך ערלויב זיך דאָס, ווייל איך וויס, אַז דאָס מיידעל, וועמעס סוד איך ענטפּלעק, איז אַזאַ שטילע, אַזאַ גוטע, מיט אַזעלכע טיעפע שוואַרצע אויגען און אזוי פיעל סודות אין זיי, אַז איהר וועט נישט אַרען, ווען איך וועל אַיינעם פון זיי ענטפּלעקען און דערצעהלען.

.1

דערזעהען האָב איך זי אויף אַן אינטימען פאַמיליען־אווענד ביי מיינעם אַ גוטען פריינד. צווישען אַ קרייז פון חברים און גוטע בעקאַנטע בין איך געזעסען און געפיהרט ביי אַ גלעזעל וויין א לייכטזיניגען שמועס. פּלוצלינג איז מיר געוואָרען מאָדנע אומעדיג; אַ לייכטער וואָלקען האָט זיך צוצויגען אויף מיין נשמה און מיר האָט זיך פאַרוואָלט בלייבען אַליין, אינגאַנצען פאַר זיך. עטליכע מינוט נאָכאַנאַנד האָב איך געזוכט די סיבה פון מיין פּלעצליכען אומעט, דעם געדאַנק אָדער ערינערונג, וואָס האָט זיך אויפגעוואַכט הינטערן שוועל פון מיין בעוואוסטזיין, ביז וואַנען איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען און דערזעהן געגען זיך אין צווייטען ווינקעל פון צימער אַ ניעדעריג מיידעל, אינגאַנצען אָנגעטהאָן אין שוואַרצען.

האַלב איינגעבויגען איז זי געזעסען מיט׳ן קינבאַק אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן האַנד און בעטראַכט מיך מיט אַ אָנגעשטריינגטען בליק, ווי איינער, וואָס בעטראַכט אַ ווייטע זאַך. דאָס געזיכט איז געוועזן ביי איהר בלאַס, די באַקען איינגעפאַלען מיט אַ שטעמפּעל פון א טיעפען איינגעוואַקסענעם טרויער, וואָס האָט געמאַכט איהר לענגליך שוואַרץ פּנים פיעל שעהנער און אינטערעסאַנטער.

אויפ׳ן הויכען ברייטען שטערען, וואָס האָט זיך ווי א דיסאַנאַנס אויפגעהויבען אויף איהר מאַגער פּנים, זיינען געלעגען צושאַטען קורצע שוואַרצע לאָקען און אַז איך האָב זיך בעסער צוגעקוקט, האָב איך בעמערקט, אַז איהרע האָר זיינען געשוירען. און די אומעדיגע טיעפע אויגען האָבען ווי עדות געזאָגט: אַז נישט פון פרייזין אָדער מאָדע האָט די קאַלטע שער

ארומגעשניטענע די צאַרטע לאָקען, נאָר עפּעס
אַ טיעפערע סיבה האָט געגנויט דעם אומע־
דיגען בלאַסען מיידעל אַראָבצושניידען איהרע
האָר. און ווען איך וואָלט נישט געוועזען זי־
כער, אַז פאַר מיר זיצט אַ אידיש מיידעל, וואָלט
איך געגלויבט, אַז איהרע לאָקען זיינען אַראָב־
געפאַלען פאַר'ן שוועל פון אַ ווייטען רוהיגען
מאָנאַסטיר, אַלס צייכען פון אייביגען טרויער
און שווייגען.

אַ היבשע צייט זיינען מיר געזעסען און
געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען. ביסלעכווייז,
ביסלעכווייז זיינען איהרע אויגען געוואָרען רו־
היגער, אינטימער; אַ לייכטער, ראָזער פאַרב
האָט זיך צוגאָסען אויף איהר בלאַס געזיכט,
און אין די ווינקלען פון איהר מויל האָט אָנגע־
הויבען צו ציטערן אַן אויסגעליטענער שמייכעל.
צוגעצויגען פון איהר בליק און איהר פריינד־
ליכען שמייכעל, האָב איך זיך אויפגעהויבען,
איבערגעלאָזען מיין גלעזעל וויין און צוגעגאַנ־
גען צו איהר.

— איהר האָט מיך גערופען — האָב איך
איהר שטיל געפרעגט, דערלאַנגענדיג די האַנד.

— יאָ — און מיט אַ לייכטער בעוועגונג
האָט זי צוגערוקט אַ שטול און, אָנווייזענדיג
מיט'ן האַנד, געבעטען מיך זיצען.

אַ רגע איז זי געזעסען און געשוויגען און
דערנאָך האָט זי מיר מיט אַ שטילען שמייכעל
געזאָגט:

— איהר וועט מיך געוויס ענטשולדיגען,
וואָס איך האָב אייך אומעדיג געמאַכט און אי־
בערגעריסען אייער געשפּרעך, נאָר אייער גע־
זיכט איז אַזוי עהנליך אויף מיינעם אַ נאָהענ־
טען פריינד, דאָס איך האָב געגלויבט, אַז
איהר וועט געוויס דערפיהלען מיין רוף, צוגעהן,
און אייך וועט זיין בעסער דאָ נעבען מיר, ווי
ביי דעם גלעזעל וויין. ער איז אויך ג ע ו ו ע ז ע ן
אַזוי, — האָט זי דערנאָך שטיל צוגעגעבען און
אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

אַ שטילער טרויער האָט אויף מיר אַ וועה
געטהאָן, נאָר נעבען דעם מיידעל איז ער גע־
ווען אַ היימישער און אפשר אַ טיעף אנגענעה־
מער, אַזוי ווי דער טרויער, וואָס מען פיהלט
אין אַ שעהנעם הערבסט פאַרנאַכט. אַזוי צאַרט
רוהיג האָט זי אונטערגעשטריכען דאָס וואָרט
ג ע ו ו ע ז ע ן אַז פון דעם גאַנצען בילד, וואָס
דער טוידט עראינערט, האָב איך מעהר נישט
געזעהן, ווי די בלומען קרענץ וואָס בעדעקען
דעם אָרון און דערהערט די מוזיק פון אַ טרויער
מאַרש. און נאָהענט איז מיר פּלוצלונג געוואָ־
רען דאָס בלאַסע מיידעל, נאָהענט און ליעב, ווי
אַלע שעהנע טראַגעדיעס, וואָס טראָגען זיך
דורך אונזער פאַרבלאָזען לעבען; ווי אַ טרויער
צוג בעשאָטען מיט די וואונדערבאַרסטע בלו־
מען, בעלייט פון דער טיעפסטער מעלאָדיש־
סטער מוזיק און פערהילט אין שלייער פון
סודות'פולע איינדריקע.

אַ גאַנצען אָוועד בין איך געזעסען מיט דעם
מיידעל אין ווינקעל פון פרעהליכען צימער;
צייטענווייז זיך דורכגעוואָרפען מיט פראַזען,
געטיילט זיך מיט אַן איינדרוק, נאָר מעהר־
סטענטיילס געשוויגען און געלאָזען דעם אונ־
בעוואוסטען טרויער אויסוועבען צווישען אונז
די פעדים פון דער איינזאַמער, שווייגענדיגער
פריינדשאַפט.

שפּעט ביי נאַכט, ווען דער אָוועד האָט
זיך שוין געענדיגט, האָב איך זי בעגלייט אַהיים.
די נאַכט איז געווען אַ וואַרימע, איינע פון די
לעצטע אלול נעכט, וואָס צולעגען זיך אויף די
אָבגעשניטענע פעלדער און וועלקענדיגע בוי־
מער, ווי אַ גלעט פון אַ קוס. אויבען איז
געווען דער הימעל בעצויגען מיט אַ לייכטען
נעבעל, דורך וועלכען די שטערען האָבען אויס־
געזעהן מאַט מיט צולאָזענע שטראַהלען, גלייך
ווי מען וואָלט געקוקט אויף זיי דורך פאַרוויינ־
טע אויגען. די גאַסען זיינען געווען לעדיג,
די הייזער פינסטער, נאָר וואו נישט וואו האָט
אַרויסגעלייכט אַ איינזאַמער פענסטער און גע־
היימניספאָל אַריינגעקוקט אין דער וועלט. דעם
גאַנצען וועג זיינען מיר געגאַנגען און געשווי־
גען. מיר איז געוועזען אינטערעסאַנט צו זעהן
דעם ווינקעל, וואו עס בעהאַלט זיך פון לעבען
אַזאַ טרויריג אידיש מיידעל, און צייטענווייז
האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט אָט וועט זי מיך
צופיהרען צו אַ ווייסען הויכען געמויערטען
פּאַרקאַן, איבער וועלכען עס בייגען זיך איבער
אַלטע הונדערט יאָהריגע קאַשטאַנען בוימער;
אָבשטעלען זיך נעבען אַ ברייטען געוועלבטען
טויער, אָנקלאַפּען אין איהם דריי מאָל מיט
אַ הילצערנעם האַמערעל; שטאַרק אַ דריק
טהאָן מיר די האַנד און נאָכדעם פאַרשוואונ־
דען ווערען הינטער איהם, ווי אַ לייכטער
שאָטען.

און ווי גרויס איז געווען מיין פאַרוואונ־
דערונג, ווען איך האָב זיך פּלוצלינג דערזעהן
נישט ווייט פון אַן אַלטען קאַטוילישען פרויען
מאָנאַסטיר. נאָר אַהין האָט מיך דאָס בלאַסע
מיידעל נישט צוגעפיהרט. ניט ווייט נעבען אַ
קליין ווייס הייזעל האָט זי זיך אָבגעשטעלט און
געבענדיג מיר די האַנד האָט זי געזאָגט: דאָ
וואוינט זי, און אויב איך וויל, ערלויבט זי מיר
צו בעזוכען זי מאָרגען פאַרנאַכט. אַ ווײלע
איז זי נאָך געשטאַנען און געקוקט מיט איהרע
רוהיגען אומעדיגען בליק. דערנאָך האָט מען
איהר געעפענט די טהיר און זי איז שטיל, ווי
אַ שאָטען, פאַרשוואונדען געוואָרען.

בעגלייט פון איהר בליק אין דעם סודות'דיגען
רויש פון די אַלטע קאַשטאַנען בוימער, האָב
איך זיך אומגעקעהרט צוריק צו זיך אין צי־
מער.

.2

אַ שמאלע אַלעע פון יונגע בעריאזעס האָט געפיהרט צום טהיר פונ'ם ווייסען הייזעל ; אַ הילצערנער פאַרקאַן פון גרין געפאַרבטע שטאַכעטען האָט איהם ארומגענומען. אויף די בייטלעך פונ'ם גערטעל, פאַר'ן הויז זיינען נאָך געשטאַנען האַלב פאַרוועלקטע נידעריגע, ווייסע, געלבע און רויטליכע אסטרען. און נאָהענט נעבען די פענסטער האָבען נאָך דרייסט מיט חוצפה אַרויסגעקוקט אויפ'ן הערבסטיגען פייזאש דריי שטרויכען פון בונטע געאָרגינען.

נאָך די ווייסע געשטריקטע גארדינען, וואָס האָבען זיך געזעהן דורך די ריין אויסגעוואַשענע שויבען, איז געווען קאַנטיג, אז אין דעם הייזעל וואוינט אַ שטילע אינטעלעגענטע קריסטליכע פאַמיליע. א גראָהע שלאַנקע פרוי האָט מיר געעפענט די טהיר און נאָכדעם, אַז איך האָב איהר אָנגערופען דעם נאָמען פון דעם מיידעל האָט זי מיך מיט עפּעס אַ פערוואונדערונג אַריינגעלאָזען, שטיל אָהן אַ וואָרט דורכגעפיהרט מיך דורך אַ לאַנגען פינסטערען קאָרידאָר און אָנגעוויזען אויף אַ טהיר.

איך קלאַפּ אָן.

— העריין !

די טהיר האָט זיך געעפענט און איך בין אַריין אין א ווייס אויסגעקאַלכט צימער פול מיט אַ ראזער ליכט פון דער פאַרגעהענדער זון. דורך דעם איינציגען פענסטער האָט זיך געזעהן אויפ'ן פאָן פון דער מאנאסטירישער וואנד א סאד פון נידעריגע פרוכט־בוימער. א גאנצער ים מיט פורפור האָט זיך אויסגעגאָסען אויף די פיעל־פאַרביגע, פאַרוועלקטע בלעטער, אָבגעשלאַגען זיך אָן דער ווייסער וואנד און פון דאָרט אַריינגעגאָסען זיך אין צימער אין א רוהיגען ראזליכען שטראָם.

די וועגד זיינען געווען נאַקעט ווייס אָהן קיין שום פערצירונג. אַ איינפאַכער ווייסער הילצערנער טיש איז געשטאַנען נעבען פענסטער, אַ איינפאכע הילצערנע בעט, א קופערט, און פאר'ן טיש אַן אָבגעקראָכענער אַלטער פאַטער־שטול.

אָנגעטהאָן אין שוואַרצען איז דאָס מיידעל געשטאַנען פאר מיר. אויף איהר בלאס געזיכט האָט זיך געשפּיעלט דער ראזער און ווייסער שיין פון די וועגד און מיט דעם זעלבען רוהיגען אויסגעליטענעם שמייכעל, מיט וועלכען זי האָט זיך נעכטען מיט מיר געזעגענט, מיט דעם זעלביגען שמייכעל האָט זי מיר איצט דערלאַנגט די האַנד.

די שטילקייט און איינפאַכקייט, וואָס אין צימער, האָט מיך ווי איבערגעטראַגען אין א צווייטער וועלט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז הינטערען טהיר פון קליינעם ווייסען צימער האָב איך איבערגעלאָזען אליין, וואָס האָט נאָך

אַ שיכות צום רוישיגען לעבען. איך האָב זיך דערפיהלט אין אַזאַ ארט, וואו די גרענעצען פון לעבען און טוידט ווערען אָבגעווישט, וואו מענשען געהען איבער אין דער אייביגקייט, נישט רעדענדיג אפילו קיין וואָרט, גלייך ווי עס לעשען זיך אוים די ראזע שטראהלען אויף די פיער ווייסע וועגד.

ווי פאר'כישופ'ט פון דער פאַרנאַכטיגער שטילקייט בין איך געבליבען זיצען אין פאטער־שטול, נישט ענטפערענדיג אפילו אויף דער מיידעלס ענטשולדיגונג און נישט בעמערקענדיג, ווי זי איז אַרוים זאָגען דער בעל הבית'טע זי זאָל טהע מאַכען.

אויפ'ן טיש פאַר מיר איז געלעגען אַ תנ"ך; אָן אַ זייט אַ גלאָז מיט עטליכע ווייסע אסטרען, און אַ בילד פון אַ יונגען קרענקליכען מאַן, וואָס איז געהאַנגען איבער'ן בעט, האָט פאַרענדיגט די גאַנצקייט פון דער שטילער מיידעלשער צעלע.

אַ קלאַפּ מיט'ן טהיר האָט מיך אויפגעוועקט פון די געדאנקען. די שלאַנקע גראָהע פרוי, וואָס האָט מיך פריהער אַריינגעלאָזען, איז אַריין מיט אַ טאַץ און טהע געשיר. אויפ'ן שוועל איז געשטאַנען דאָס מיידעל און מיט דעם זעלבען פאָרשענדען בליק, וואָס נעכטען, מיך בעטראַכט.

— שטערט איך אפשר די דונקעלהייט ?

— האָט זי מיך געפרעגט.

— ניין, זי האַרמאָנירט זעהר גוט מיט'ן צימער.

— אָבער נישט מיט'ן טהע, — האָט זי שמייכלענדיג צוגעגעבען און איז ארוים.

אין אַ מינוט ארום איז זי שוין געשטאַנען נעבען מיר מיט אַ זילבערנעם אַלטען בענשליכטער אין האַנד, אין וועלכען עס האָט געברענט אַ סטערין ליכט.

— אַזוי וועט זיין גוט—האָט זי צוגעשמייכעלט : אי ליכט אי דעמערונג, אויב איך איז נאָר אנגענעהם.—ביי די ווערטער האָט זי זיך געזעצט געגענאיבער מיר און געבליבען שטיל.

אַ מאנאטאנער אומעדיגער אווענד קלאַנג האָט לאנגזאם גענומען ציטערען און אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ מין סודות'דיגען זשומען. דאָס פלעמעל פון ליכט האָט זיך האַסטיג בעוועגט און לאַנגע שאטענס האָבען אָנגעהויבען גיך בעוועגען זיך איבער די ווייסע וועגד.

בעזונדערס האָבען זיך בעוועגט לייכטע שאטענס איבער'ן בעט, וואו דאָס בילד פונ'ם יונגען מאן איז געהאַנגען, און אונטער דעם ליכט אין שאטען שפּיעל האָט עפּעס ווי אָבגעלעבט דאָס קרענקליכע געזיכט פון יונגען מאן מיט די אומעדיגע פארוועהטאגטיגע אויגען און האלב אָפענע ליפען. מאָדנע בעקאנט זיי־

נען מיר אויסגעקומען די געזיכטס ציגע פונ׳ם יונגען מאַן און טיעף ביי מיר אין זכרון האָבען זיך גענומען וועבען עפּעס ווי שוואַכע עראינערונגען פון אַן עהנליכען געזיכט.

אונטערדעסען האָט דאָס מיידעל אויפגעהויבען דעם קאָפּ, נאָכגעקוקט די וואַנדרונג פון מיין אויג. און מיט אַ רוהיגען טרויעריגען בליק זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן בילד.

— איז דאָס אייערער אַ ברודער ? — האָב איך פאַרזיכטיג אַ פרעג געטהאָן.

— ניין.

אַ שטילקייט פון פערלעגענהייט איז פּלוצלינג געבליבען שטעהן צווישען אונז, אַ שטילקייט, וואָס ווערט געשאַפען, ווען דער געשפּרעך רייסט זיך איבער אין מיטען זיין ריטם.

— דאָס איז געווען מיינער אַ בעקאַנטער, — האָט דאָס מיידעל צוגעגעבען מיר מוטה, — און אויך אייערער, אויב איהר האָט נאָך נישט פאַרגעסען.

— פּיעלייכט, דאָס בילד וועקט ווירקליך מיר עפּעס אין זכרון.

— האָט איהר געהערט אפשר פון איינעם מ. ?

— יאָ — און פּלוצלינג ביים קלאַנג פון דעם נאָמען האָב איך זיך דערמאַהנט אָן אַ קרענקליכען טובערקולאָזען יונגען מאַן, וואָס איך האָב איינמאָל צופעליג בעגעגענט אויף אַ בעראַטונג פון לעהרער און כלל טוער. זיין קרענקליכעס און ערעלעס געזיכט, די נערוועזע און דאָך שעהנע זשעסטען, די לייכטע איראָניע, וואָס מען קען אָפט בעגעגענען ביי קרענקליכע אינטעלעגענטע יונגע לייט מיט אַ שטאַרקע מענערליכע זעלבסט־ליעבע, דאָס אַלץ האָט מיך צוגעצויגען דאַן צו איהם. אַ היבשע צייט נאָכדעם האָב איך דעם יונגען מאַן נישט אָבגעלאָזען פון מיין אויפמערקזאַמקייט, ביז איך האָב איהם פאַרלאָרען פון מיין אויג. און איצט איז ער ווידער ארויסגעשוואומען פאַר מיר איבער׳ן בעט פון דעם בלאַסען מיידעל, אין דער שטילקייט פון צימער, ביי די סודות׳פולע אוועגד־קלאַנגען פון פרויען מאַנאַסטיר.

— דאָס איז געווען מיינער אַ בעקאַנטער און אפשר נאָך מעהר ווי אַ בעקאַנטער, — האָט דאָס מיידעל ווי פאַר זיך געזאָגט.

— און איצט ?

— איצט איז ער שוין נישטאָ. מיט אַ יאָהר צוריק איז ער געשטאָרבען.

מאָדנע רוהיג און גלייך האָט געקלונגען דעם מיידעלס שטים און עפּעס ערהאַבענעס האָט זיך געהערט אין איהר שטים : די ערהאַבענקייט פון צדוק הדין, די גרויסקייט פון בעגרייפען דעם טוידט.

פאַר מיר איז געזעסען אַ אידישע נאָנע מיט דער גאַנצער רוהיגקייט און אבזאַגונג, ארומגענומען פון דער ווייסער שטילקייט, פאַרוויגט פון קלויסטערישען אווענד־קלאַנג און בעלויכטען מיט׳ן שיין פון אַ סטערין ליכט.

3.

לאַנגע ווינטער אווענדען האָב איך נאָכדעם פאַרבראַכט אין דער שטילער, איינזאַמער צעלע. די פאַרשנעעטע בלימלעך האָבען מיר שוין ווי אַ גוטען בעקאַנטען בעגעגענט, די אַלטע קריסטין האָט מיר שוין אָהן פּערדאַכט געעפענט די טהיר, און אפילו די קאַץ, וואָס פלעגט מיך אין פינסטערען קאָרידאָר אויסמיידען, האָט אויך גענומען פריינדליכער רייבען זיך ארום מיינע פיס.

— פּאַננאַ דינאַ וו׳דאָמו ?

— טאַק פּראָשע.

און ביי די ווערטער פלעג איך אויף די שפּיץ־פינגער אריינגעהן אין דער ווייסער צעלע, צו דער איינזאַמער אידישער טאָכטער.

און איינמאָל, ווען די טהיר האָט זיך הינטער מיר פאַרמאַכט און די שטרענגע שטילקייט האָט מיך פּלוצלינג ארומגענומען האָט זי מיר געזאָגט :

— אפּטער דוכט זיך מיר, איהר זיינט מיין גייסטליכער, וועמען איך האָב גערופען, אום זיך צו מתודה זיין.

איך האָב געשוויגען און מיינע אויגען זיינען נישט ווילענדיג געפאַלען אויפ׳ן בילד.

— און אפשר רעדט דאָס אין מיר דאָס נאָך נישט דערצעהלטע, דאָס נישט ארויסגעזאָגטע, וואָס זוכט זיין קלאַנג און זיין וואָרט.

— און אפשר דאָס שווערע, וואָס וויל פון הארצען אראָב, — האָב איך איהר צוגעגעבען — איך גלויב, אז אין דער ווייטער שטילקייט וועט אייך נישט שווער זיין צו דערצעהלען און מיר צו הערען. מענשליכע געשיכטעס, וואָס לייטערען זיך דורך אין דער איינזאַמקייט, זיינען ערענסט, ווי אַ תורה, און אינטערעסאַנט, ווי אַ לעגענדע.

לאַנג־לאַנג האָט דאָס מיידעל געשוויגען. צי האָט זי געוואַרט, דער טאָג זאָל זיך אין גאַנצען אויסלעשען ; אין סאַד, וואָס געגענאיבער דעם פענסטער, זאָלען די קלאַנגען פון מאָנאַסטיר די נאַכט אריינפיהרען ; אָדער זי האָט נאָך אַמאָל געוואָלט די בילדער אין קאָפּ אויפוועקען. נאָר ווען אין צימער האָבען זיך שוין אויסגעלאָשען די לעצטע שטראַהלען, און אין דעם אַלטען אידישען בענש־לייכטער האָט זיך דאָס ליכט אָנגעצונדען, האָט דאָס מיידעל גענומען דערצעהלען.

(פאָרטזעצונג קומט)

וויליאַם עדלין

דער ארבייטער רינג

(צו דער געלעגענהייט פון דער 14טער יעהרליכער קאָנווענשאָן)

וואונדערליך איז דער פאָרטשריט פון דעם ארבייטער רינג!

דיעזער צווייג פון אונזער בעוועגונג, וועלכער איז נאָך פערהעלטנישמעסיג אזוי יונג, האָט אונז אפשר בעסער ווי אירגענד וועלכער אנדער צווייג פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג בעוויזען וואָס עס קען אויפגעטהאָן ווערן דורך איינינגקייט און קאָאָפּעראציאָן.

ס'איז ערשט דער פיערצעהנטער יאָהר זייט דער ארבייטער רינג איז געוואָרען א נאַציאָנאַלע אָרגאניזאציאָן און איצט, צו זיין פיערצעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן, וועלכע ווערט אָפּגעהאַלטען אין ניו־הייווען, קאָנעטיקוט, פון דעם 5טען ביז'ן 10טען דיעזען חדש, מארשירט ער מיט אַן ארמעע פון נאָהענט אכט און פיערציג טויזענד מיטגליעדער הינטער זיך.

דאָס איז מעהר ווי וואונדערליך, ווען מען האָט אין זינען דעם כאראקטער פון דיעזער אָרגאניזאציאָן, ווי אויך דעם צושטאנד און אויך די כאראקטעריסטיקען פון דעם דורכשניטליכען ראַדיקאַלען אידישען ארבייטער, אין וועמעס אינטערעסען דיעזע אָרגאניזאציאָן איז געשאַפען געוואָרען.

דער ארבייטער רינג איז ניט קיין עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע שטעלט זיך אלס איהר אויפגאבע צו בעשיצען דירעקט דעם ארבייטער אין זיין קאמפף מיט'ן בעל הבית פאַר א בעסערן לעבען. דער ארבייטער רינג איז ניט קיין פּאָליטישע אָרגאניזאציאָן, וועלכע שטרעבט צו פערכאַפּען די רעגיערונגס־הערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט, כדי די אידעאלען פון א צוקונפטס־געזעלשאַפט זאָלען קענען פערווירקליכט ווערן. דער ארבייטער רינג איז אויך ניט קיין פּראָפּאגאַנדע אָדער בילדונגס אָרגאניזאציאָן, וועלכע שטעלט זיך אלס אויפגאבע צו מאַכען די מיטגליעדער פאר קולטורעלע מענשען. דער ארבייטער רינג איז הויפּטזעכליך א סאָציאַליסטישער פראַטוירנאַל אָרדען, וועלכער פערזיכערט זיינע מיטגליעדער געוויסע מאַטעריעלע און אויך גייסטיגע בענעפיטס; הגם אלס אַזעלכער שליסט ער איין אין זיך, אין א בעשריינקטען זין פון וואָרט, א טייל פון די כאראקטעריסטיקען פון די אנדערע דערמאָהנטע אָרגאניזאַציאָנען, איז ער אָבער פון דעסטוועגען אין אלגעמיין אַן אָרגאניזאציאָן גאַנץ פערשיעדען פון די אנדערע.

אויף אזוי פיעל פערשיעדען איז דער ארבייטער רינג פון די אַנדערע צווייגען פון דער ארבייטער בעוועגונג, דאָס עס זיינען אלע מאָל געווען און עס זיינען דאָ אויך איצט פיעלע ראַדיקאַלע און אינטעליגענטע ארבייטער אין די יוניאָנס און די סאָציאליסטישע פּאַרטייען, וועלכע מאַכען אַוועק אונטער'ן האנד די פּראָבלעמען פון אַן אייגענעם פּראַטוירנאל אָרדען, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען פון דער קלענסטער וויכטיגקייט פאר דער גרויסער ארבייטער בעוועגונג. דאָס איז אָבער אלץ דערפאר, וואָס זיי האָבען קיין מאָל ניט בעגריפען די געוואלטיגע מעגליכקייטען פאַר גוטעס און ערהאבענעס וואָס ליגען פערבאָרגען אין אַזאַ פּראַטוירנאַל אָרדען ווי דער ארבייטער רינג.

די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכע פיעלע פון די בעסערע עלעמענטען פון אונזער בעוועגונג קוקען אויף די פּראַקטישע בענעפיטס פון דעם ארבייטער רינג, וואָלט מען געקענט פערשטעהן, ווען דער ארבייטער רינג וואָלט בלויז דאָס געטהאָן, ווי עס איז דער פאל מיט די מעהרסטע אָרדענס. אָבער יעדער איינער ווייס, אַז דער ארבייטער רינג טהוט מעהר ווי דאָס, אַז אויסער די פּראַקטישע מאַטעריעלע בענעפיטס האָט ער העךליכע אידעאַלען, פאַר וועלכע ער קעמפפט צוגלייך מיט די ראַדיקאַלע יוניאָנס, מיט די סאָציאליסטישע פאַרטייען און מיט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון דער ציוויליזירטער וועלט. ווען ניט דאָס, וואָלט אפשר דער ארבייטער רינג קיינמאָל ניט דערגרייכט צו זיין איצטיגען שטאַנד. ווען ניט דאָס וואָלט דיעזער ארבייטער אָרדען זיכער ניט געמאַכט דעם גרויסען שפּרונג אין ברענטשעס און מעמבערשיפּ, וואָס ער האָט געמאַכט אין די לעצטע צייטען.

נאַטירליך, ווי ווייניג מיר זאָלען זיך האַלטען אין דעם גייסט פון אָלרייטניקעס און ארומפּאַראַדירען מיט אונזער רייכטהום, מוזען מיר דאָך אָנצייגען אויף דעם מאַטעריעלען פּאָרטשריט וואָס אירגענד וועלכע אָרגאניזאציאָן פון

אונזער בעוועגונג מאַכט אין אַ משך פון יאָהרען; און וועלכער אַנדער צווייג פון דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג, צום ביישפּיעל, קען דאָס אַנצייגען אויף אַזאַ פּראָגרעס אין אַלגעמיין ווי דער אַרבייטער רינג האָט געמאַכט אין די לעצטע זעקס־אַכט יאָהר?

איבער 530 ברענטשעס צו־וואָרפען איבער 164 שטעדט, אין 32 סטייטס, מיט אַ האָום אָפּיס אין ניו־יאָרק, וועלכע קאָנטראָלירט אַ פאַרמעגען זעהר נאָהענט צו אַ האַלבען מיליאָן דאָלער, וועלכע האָט אין דעם איין יאָהר, פון יאַנואַר ביז דעצעמבער 1913, געהאַט אַן איינגאַהמע פון נאָהענט פיער מאָל הונדערט טויזענד דאָלער און אַן אויסגאַבע פון עטוואָס איבער דריי מאָל הונדערט טויזענד דאָלער. פון דיעזער אויסגאַבע איז אַ סומע פון נאָהענט צוויי מאָל הונדערט טויזענד דאָלער אַוועק אויף אויסצאָהלען קראַנקען בענעפּיט, קאַנסאָמפּשאָן בענעפּיט און טויטען בענעפּיט, וועהרענד דאָס איבעריגע איז אַוועק אויף אַלגעמיינע קולטורעלע טהעטיגקייט, ווי פּרעסע, בילדונג און אָרגאַניזאַציאָן און אויף אויף אַדמיניסטראַציאָן.

מיט אַכט יאָהר צוריק האָט דער אַרבייטער רינג געהאַט ווייניגער פון צעהן טויזענד מעמבערס און בלויז אַ 100 ברענטשעס; זיין פערמעגען האָט זיך גערעכענט ווייניגער פון פופציג טויזענד דאָלער, וועהרענד די איינגאַהמע פאַר'ן יאָהר האָט בעטראָפען עטוואָס איבער פופציג טויזענד דאָלער און די אויסגאַבע עטוואָס איבער איין און פיערציג טויזענד; און די אויסגעצאָהלטע בענעפּיטס פאַר'ן יאָהר האָבען דערגרייכט די סומע פון עטוואָס מעהר ווי פינף און צוואַנציג טויזענד דאָלער.

דער אונטערשייד פון דאַן ביז איצט איז גרויס, זעהר גרויס, איבערהויפּט ווען מען האָט אין זינען, דאָס אין די לעצטע אַכט יאָהר האָבען מיר אין אַמעריקאַ געהאַט אַזעלכע שווערע צייטען — אַ קריזיס אין 1907 און אַ קריזיס אין 1913, וועלכער האַלט נאָך אָן ביז איצטיגען מאָמענט. אין געוויינליכע צייטען איז שווער פאַר אַן אַרבייטער אַרויסצונעהמען די עטליכע דאָלער דיוס וואָס ער דאַרף צאָהלען יעדען קוואַרטאַל אין זיין ברענטש, היינט וויפיעל שווערער איז עס פאַר איהם דאָס צו טהאָן דאַן, ווען אַרבייטסלאָזיגקייט שטעהט איהם פאַר די אויגען. דאָך, טראָטץ דעם, איז די מעמבערשיפּ פון אַרבייטער רינג אַזוי געוואַלטיג געוואַקסען און דער אָרדען איז אַזוי מעכטיג געוואָרען.

דער אמת איז, אַז דער אָרדען אַלס אַ גאַנצער איז נאָך האַלב ניט אַזוי מעכטיג און איינפלוסרייך ווי ער וואָלט מיט זיין מעמבערשיפּ און רייכטהום געקענט זיין און געדאַרפט זיין. טאַקע דעריבער וואָס דער אַרבייטער רינג איז עטוואָס אַנדערש פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען פון דער גרויסער אַרבייטער בעוועגונג און וואָס ער שליסט איין אין זיך בלויז אין אַ בעשרייַנקטען זין די כאַראַקטעריסטיקען פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען, האָט ער אַלע מעגליכקייטען צו ווערן אַזוי מעכטיג מאַטעריעל און אַזוי מאָראַליש איינפלוסרייך, ווי קיין אַנדער אָרגאַניזאַציאָן אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג האָט נאָך ביזהער ניט בעוויזען.

אין דעם אַרבייטער רינג, אויף דעם באָדען פון פערזיכערונג געגען קראַנקהייט און טויט, בעגעגענען זיך די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פון אַלע ריכטונגען. דאָרט זיינען דאָ אַזעלכע וואָס גלויבען שטאַרק אין יוניאָניזמוס, אַנדערע וואָס גלויבען גאָר ניט אין דעם און ווידער אַנדערע וואָס האַלטען נור פון דעם סינדיקאַליזמוס. דאָרט טרעפט מען פּאַרלאַמענטאַרישע סאָציאַליסטען, דירעקטע־אַקציאָניסטען און פערשיעדענע אוטאָפּיסטען. דאָרט בעגעגענט מען אַזעלכע וואָס האַלטען, אַז די גאולה קען געבראַכט ווערען שוין באַלד דורך קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, אָדער דורך קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען פון פערשיעדענערליי זאָרטען, אָדער גאָר דורך אינדיווידועלע אויסבילדונג. אין אַנדערע ווערטער, דער באָדען פון אַרבייטער רינג איז ברייט גענוג פאַר אַלע ריכטונגען אינערהאַלב דער ראַדיקאַלער אַרבייטער בעוועגונג, און פּרינציפּיעלע געגנער אויף'ן פּאָליטישען באָדען, אָדער ריין עקאָנאָמישען באָדען, בעגעגענען זיך דאָרט ווי פריינד.

אָט אין דעם ליגט די גבורה פון אַרבייטער רינג. דאָ איז די זריעה, פון וואַנען עס מוז אַרויסוואַקסען אַזאַ מעכטיגער בוים, ווי די אידישע אַרבייטער בעוועגונג האָט נאָך ניט געזעהן. דער בוים האָט אַרויסגעשפּראָצט מיט איבער דרייצעהן יאָהר צוריק און האָט שוין איצט דערגרייכט אַ הויכקייט און ברייטקייט וואָס מוז אַרויסרופען די בעוואונדערונג פון אַלעמען.

און מיר מוזען זעהן, אַז דיעזער וואוקס זאָל אָנגעהן וואָס ווייטער אַלץ שעהנער און מעכטיגער!

מיטגליעדער זיינען דאָ, געלד איז דאָ, קלאַסען־בעוואוסטזיין איז דאָ — אַלעס וואָס פעהלט נור איז די ריכטיגע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע, וואָס זאָל ענטשפּרעכען די העכסטע בעדירפניסע פון דעם אַרבייטער רינג—אַ פאָרמע, וואָס זאָל אַרויסרופען צו טהעטיגקייט די בעסטע עלעמענטען פון דער אַרבייטער בעוועגונג, וואָס זאָל צוציהען אינטעליגענץ, געזונדען פערשטאַנד, אידעאַל און ליעבע — אַ פאָרמע, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט די מאָדערנסטע בעגריפע פון דעמאָקראַטיע און גערעכטיגקייט און וואָס זאָל מאַכען מעגליך פאַר דעם אַרבייטער רינג צו וואַקסען און בליהען און זיין אַ ברכה און אַ כבוד פאַר דער גאַנצער אַרבייטער בעוועגונג.

אויף דער איצטיגער, פיערצעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג ליגט א גרויסע אויפגאבע. דיעזע קאָנווענשאָן איז א קליינע. וועניגער פון הונדערט דעלעגאטען זיינען ערוועהלט געוואָרען, ניט רעכענענדיג די פערטרעטער פון די פערשיעדענע פערוואלטונגס קאָמיטעס. דאָס מאַכט מעגליך, אז די וויכטיגערע פראגען זאָלען קענען בעהאַנדעלט ווערען מיט גענוג איבערלעגונג און אינטעליגענץ. מאַנכע פון די פראגען זיינען אין דעם איצטיגען מאָמענט ברענענדע פאַר דעם אַרבייטער רינג.

אָבער ווען די דעלעגאטען וועלען האָבען אין זינען די הערליכע צוקונפט, וואָס שטעהט פאַר זייער בעליעבטען אָרדען, וועלען זיי אונערשראָקען און מיט דער זיכערהייט פון ענדליכען טריאומפף טהאָן אַלעס וואָס איז נור אין זייער כח צו בעפעסטיגען דעם אַרבייטער רינג אזוי, אַז זיין ווייטערע טהעטיגקייט זאָל זיין א קוואַל פון בעגייסטערונג פאַר אלע וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער אַרבייטער־בעוועגונג אין אַלגעמיין און מיט דער אידישער אַרבייטער־בעוועגונג אין בעזאָנדערן.

דר. אסתר לוריע

די בעריהמטע אידישע סאַלאָן-פרויען

ראהעל לעווין־וואַרנהאגען

די גרויסע קולטורעלע צענטרען פון אייראָפּא — וויען, בערלין און פאַריז, זיינען צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט ניט מעהר געוועזען אזוי אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע ווי אין די פריהערינע צייטען. געלעהרטע, פאַליטיקער, זשורנאַליסטען און געבילדעטע דייטשען בכלל, פלעגען פערברענגען אָפט אין פאַריז, און אויף פערקעהרט — די געבילדעטע פראַנצויזען פלעגען פאָהרען גאַנץ אָפט קיין בערלין. און אָט אין די קרייזען פון דער העכסטער בערלינער אינטעליגענץ פלעגט מען הערען נאָכאַנאַנד דעם נאָמען „ראהעל“ : פון איינע מיט אַכטונג און בעוואונדערונג, פון אַנדערע מיט איראָניע.

די „קליינע“ ראהעל, די טאָכטער פון דעם אידישען באַנקיר מאַרקוס לעווין, איז ווייט און ברייט בעריהמט געוועזען. מען האָט איהר געהאַלטען פאַר די גענִיאַלסטע פרוי אין דייטשלאַנד. מיט איהר פיינפיהליגער נשמה פלעגט זי פערשטעהן און בעגרייפען די פערשיעדענארטיגסטע פערזענליכקייטען, און איז געוועזען דערפאַר פעהיג צו אינטימע בעציהונגען אין א ווייטען קרייז. מיט איהר שאַרפען שכל האָט זי זעלבסטשטענדיג און אָריגינעל איבערגעאַרבייט אין איהר קאָפּ די פערשיעדענסטע אידעען און ריכטונגען פון איהר צייט. אָפּיציעל האָט זי ניט בעלאַנגט צו קיין ריכטונג, זי איז אָבער געשטאַנען מיט איהרע שטימונגען און איהר וועלט־אנשויאונג אם נאָהענסטען צו דער ראמאנטיק און צו „יונג דייטשלאַנד“.

ראהעל לעווין איז געבאָרען געוואָרען אין בערלין אין יאָהר 1771*). איהר פאָטער איז געוועזען איינער פון די ערשטע אידישע באַנקירען אין בערלין. ער איז געוועזען א טיכטיגער סוחר און זעהר א קלוגער און וויציגער מענש. זיין פערזענליכקייט מוזען מיר נעהענטער בעטראַכטען, ווייל זי האָט געהאַט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין ראהעל׳ס לעבען.

זיין נאַטור איז געוועזען א דעספּאָטישע. ער האָט גרויזאַם געהערשט ביי זיך צו הויז. צו יענער צייט בכלל און ביי אידען בפרט איז עס געוועזען א מנהג, אז דער פאָטער זאָל זיין דער הערשער איבער זיינע קינדער. אזוי האָבען זיך געפיהרט אפילו די גרעסטע מענער. אויף דער רעפאָרמאַטאָר מענדעלזאָהן מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר א מענשען, וואָס ער אליין האָט פאַר איהר אויסגעוועהלט. עס הערשט אָבער פון דעסטוועגען צווישען איהם און זיינע קינדער א הערצליכע בעציהונג. אַנדערש איז געוועזען אין לעווינ׳ס הויז. דאָרט האָט געפעהלט די וואַרימקייט. דער באַנקיר לעווין איז געוועזען א טיראַן, וואָס האָט געפּייניגט זיין דערשלאָגענע פרוי און זיינע אָרימע

*) דער ביאָגראַפישער מאַטעריאל איבער ראהעל לעווין איז לײדער זעהר אן אָרימער. איהר מאַן, וואָס האָט ארויסגעגעבען פיעלע פון איהרע בריעף און טאַגעביכער, האָט זיך וועניג אָבגעשטעלט אויף די מאַטעריאַלען, וואָס האָבען א שייכות צו איהר קינדהייט און צו איהר אידישער אָבשטאַמונג. אויך דערמאָהנט ער וועגען דעם אין זיינע זכרונות כמעט ווי גאָרניט.

ראַהעל לעווין־וואַרנהאַגען.

קינדער. ער איז געוועזן א שטימונגס־מענש — פלעגט ער ווערען אין כעס, פלעגט ער זיך שוין מיט קיין זאך ניט רעכענען. איינער פון ראהעל׳ס בריעף איז אין דיזען פּרט זעהר כאַראַקטעריסטיש. א 16־יאָהריגע מיידעל מוסר׳ט זי שוין איהר ברודער, הלמאי ער פּאָלגט ניט דעם פּאָטער: „אונזער לאַגע — שרייבט זי — שטעלסט דו זיך ניט פאָר גענוג דייטליך. ווען די מסירה דערגעהט צום טאַטען, וועט די מאַמע האָבען צרות. דענק אָן אונז, ווי מיר מוזען ליידען... אונזער מוטער איז שוואך. זי האָט זעהר פיעל איבערגעטראָגען. ווען זי וועט שטאַרבען, בלייבט איבער אויף פאַר אונז ניט מעהר ווי דער טויט. איך, וועניגסטענס, וואָלט איהם געוויס אויסערוועהלט“.

פון פּאָטער׳ס טיראַניע האָט מעהר ווי אַנדערע קינדער געליטען ראהעל, און דוקא דערפאַר, ווייל זי איז געוועזן זיין געליעבטעס קינד. איהרע גרויסע פעהיגקייטען, איהר שכל, איהר פיינעם וויטץ האָט איהר פאטער זעהר פריה בעמערקט. ער האָט אויף איהר געקוקט, ווי אויף א קאָפּיע פון זיך, האָט ער זי גע־זוכט צו ערציהען אויף זיין אייגענעם שטייגער. ניט קוקענדיג אָבער אויף א געוויסע עהנליכ־קייט צו איהם, איז איהר כאַראַקטער בכלל געוועזן א גאַנץ אַנדערער. זי איז געוועזן אַן עמפּפינדליכעס קינד, וואָס האָט געפיהלט און פערשטאַנען דעם אַנדערען, וואָס האָט פיעל געליטען פון אונגערעכטיגקייט. די ליעבע צום אמת, וואָס כאַראַקטעריזירט די ערוואַקסענע

ראהעל, בעמערקט זיך שוין ביי איהר גאַנץ פריה. שוין אַלס קינד פיהרט זי אַ רייכעס אינערעס לעבען אין פיהלען און דענקען.

אַזוי טראַכט די 12־יאָהריגע ראהעל אַ לאַנגע צייט וועגען גאָט און וועגען די שווערע פּראָבלעמען פון לעבען און אונשטערבליכקייט. ענדליך דוכט זיך איהר, אַז די פראַגען זיינען איהר קלאָר געוואָרען. אין איין שעהנעם טאָג אָבער, ביים מיטאַג, הויבט זי אָן אויף דאָס ניי צו צווייפלען און אין דעמזעלבען מאָמענט, ווען זי טראָגט צו דאָס לעפעל צום מויל, פערשווינדען אַלע איהרע אַרגומענטען. ווערט זי דערפון אַזוי אויפגערעגט, אַז זי וואָלט זיכער אַרונטערגעפאַלען פון שטוהל, ווען דער פאָטער וואָלט זי ניט אונטערגעכאַפּט.

איהר פאָטער, דער טיראַן, זוכט צו דערשטיקען אין איהר יעדע שפור פון אָריגינאַליטעט. ער וויל זי ערציהען אַלס זיין מוסטער. געגען דעם פראָטעסטירט זי בעוואוסט און אונבעוואוסט. אַזוי הויבט זיך אָן אַ קאַמפּף צווישען פאָטער און טאָכטער — אַ קאַמפּף, וואָס איז פאַר ראהעל׳ן געווען זעהר שווער. די ליידען מאַכען זי צו פריה רייף, זיי ענטוויקלען אין איהר די נייגונג צום גריבלען זיך. זי פיהלט זיך שרעקליך איינזאַם.

וועגען איהר קינדהייט רעדט זי נאַכהער דאָס גאַנצע לעבען מיט וועהטאָג. די 42־יאָהריגע ראהעל זאָגט: „יע, עס קרענקט מיך נאָך איצט די גרויזאַמקייט פון מיין פאָטער“.

מאַרקוס לעווין האָט געמוזט געשעפטליך זעהר פיעל רייזען, און די מנהגים, וועלכע ער האָט געזעהן אין דער פרעמד, האָט ער איינגעפיהרט אין זיין הויז, וואָס איז געווען פרייער פאַר אַנדערע אידישע הייזער. ביי איהם אין הויז פלעגט אַריינקומען די קריסטליכע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט געהאַט מיט איהם געלד־געשעפטען. די שטאָלצע פריצים פלעגען ליעב האָבען צו פערברענגען מיט דעם קלוגען און וויטציגען אידען. ביים פאָטער אין הויז, הייסט דאָס, איז ראהעל בעקאַנט געוואָרען מיט דער קריסטליכער אַריסטאָקראַטיע, צו וועלכער זי האָט געפיהלט אַ סימפּאַטיע דאָס גאַנצע לעבען.

ראהעל האָט ניט ערהאַלטען קיין סיסטעמאַטישע בילדונג. דער פאָטער, דער שטימונגס־מענש, האָט אַליין ניט געוואוסט פון קיינע פפליכטען, און ער האָט דערפאַר ניט אַרויפגעלעגט קיינע פפליכטען אויף זיינע קינדער — סיי אין לערנען, סיי אין לעבען. ראהעל האָט אין די עלטערע יאָהרען געפיהלט דעם מאַנגעל פון אַ סיסטעמאַטישער בילדונג. איהר סטיל האָט טאַקע געליטען דערפון. געלערנט האָט זי מיט גרויס חשק מוזיק, ווייטער האָט זי זעהר פיעל געלעזען. זי האָט אויך ליידענשאַפטליך בעזוכט טהעאַטער. אין איהר לעזען צייגט זיך אַרויס איהר אָריגינאַליטעט. זי לעזט ניט פשוט, זי אַרבייט איבער, וואָס זי לעזט. זי איז ניט פעהיג צו פערנעהמען זיך מיט נייע געדאַנקען, כל זמן די אַלטע זיינען איהר ניט גאָר קלאָר. אויסווענדיג לערנען קאָן זי ניט; זי קאָן נאָר דענקען. און דערפאַר לערנט זי אַזוי ווייניג פון איהרע לעהרער, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד צו צופּאַסען זיך צו איהר אָריגינאַליטעט.

דער מאַנגעל פון ביאָגראַפישען מאַטעריאַל איז שולדיג, וואָס מיר ווייסען ניט, צי ראהעל האָט געלערנט העברעאיש. איינציגע בריעף צו איהרען אַ ברודער זיינען געשריעבען אין דייטש מיט אידישע בוכשטאַבען. מיר ווייסען ווייטער, אַז ראהעל, בעת זי איז שוין געווען אַלט, פלעגט זי גערן דאַווענען פון איהר מוטער׳ס סידור. און דאָס איז אַלעס וואָס מיר ווייסען אין דיזער בעציהונג.

ראהעל איי אַלט געווען 19 יאָהר, ווען איהר פאָטער איז געשטאָרבען. שוין ביים פאָטער׳ס לעבען שפּיעלט זי אַ ראָלע אין זיין קליינעם סאַלאָן דורך איהר וויטץ און דורך איהר פערזענליכקייט. נאָך זיין טויט אָבער, ווערט זי דער „מיטעלפּונקט פון אַן אָנגעזעהנעם הויז“ — ווי איהרער אַ ברודער האָט זיך אויסגעדריקט. זי קען גאָרנישט האַלטען פאַר זיך — אַלעס, וואָס זי ווייס, אַלעס, וואָס עס קומט פאָר אין איהר נשמה, מוז זי מיטטיילען אין איהר סאַלאָן, אין איהרע בריעף. איינער פון ראהעל׳ס פריינד זאָגט, אַז ראהעל שטעלט אונז פאָר די ווירקליכקייט אין דער פאָרם פון לעבען. און אַזוי איז עס ווירקליך געווען דער פאַל. ראהעל שטעלט זיך אָבער ניט צופריעדען מיט אַזאַ סאָרט קולטור־לעבען, וואָס איז איינגעשלאָסען נור אין ענגערע קרייזען. די גרויסע שטעדט, דענקט זי, מוזען זיך פעראייניגען. אַלע מענשען מוזען פיהרען אַן אמת׳ן געזעליגען לעבען. און דאָ צייגט זיך אַרויס איהר עטישע וועלטאַנשויאונג. די געזעליגקייט, אין וועלכע אַלע קענען ניט נעהמען קיין אַנטייל, איז, נאָך איהר מיינונג, ניט צופריעדענשטעלענד, ניט גוט, שלעכט. זי זוכט שטענדיג אַלץ נייע איבערלעבונגען, נייע איינדריקע, נייע ביכער. און ביי אַלעם דעם איז זי דורכאויס ניט אויבערפלעכליך; פערקעהרט — זי איז טיעף; זי איז טיעף אין איהרע בעציהונגען צו מענשען און צום לעבען, טיעפע געדאַנקען טראָגט זי אַרויס פון ביכער. און דאָס אַלעס זוכט זי איבערצוגעבען איהרע מיטמענשען, מיטטיילען עס אַלע איהרע פריינד און בעקאַנטע.

זי האָט געגרינדעט אַ סאַלאָן, וועלכער איז געווען בעריהמט אין אייראָפּאַ — אַ סאַלאָן, וואו עס פלעגען אַריינקומען די פערשיעדענסטע און די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען. און עס איז אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלען אַביסעל

וואַרנהאַגען.

אויף איהר סאלאָן און אויף דער ראָלע, וואָס זי האָט אין איהם געשפּיעלט.

ראהעל איז ניט געוועזן שעהן, איהר פּנים האָט אָבער אויסגעדריקט גייסט, א גרויסען גייסט, און האָט געמאַכט א גוטען איינדרוק. אַן אונגעוועהנליך שטאַרקען איינפלוס האָט געהאַט איהר רעדען. דער בעוואוסטער וויענער דראַמאַטורג גרילפּארצער האָט זי בעזוכט, ווען זי איז שוין געוועזן אַן אַלטע פרוי. און אָט ווי ער בעשרייבט זיין איינדרוק:

„זי האָט גערעדט, גערעדט ביז האַלבע נאַכט. איך ווייס ניט צי זיי האָבען מיך אוועק־געטריבען, צי איך בין אַליין אוועקגעגאַנגען: איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געהערט, אַז אירגענד־ווער זאָל בעסער און אינטערעסאַנ־טער רעדען, ווי דיעזע עלטערע, פון קראַנקהייט צובראָכענע פרוי".

ראהעל האָט געלייגט גרויס געוויכט אויפ'ן רעדען און געדיינקט אַלץ, אַז די שפּראַכע איז נאָך אָרעם, ווי אויך די געזעליגקייט. אַנדערע פערהעלטניסע, פלעגט זי זאָגען, וועלען בילדען א נייע פאָרם פון געזעליגקייט, ווי אויך אַן אינ־טימערע שפּראַכע.

דורך איהר רעדען און איהר פּערזענליכ־קייט איז זי געוועזן בעריהמט אין אַלע אייראָ־פּעאישע סאַלאָנען. א דויערענדען איינפלוס

האָט זי געהאַט הויפּטזעכליך אויף די יונגע מענשען, צו וועלכע זי איז געשטאַנען אין נע־העגטערע בעציהונגען. פאַר יונגע געלעהרטע, וואָס פלעגען לעבען אויסשליסליך מיט'ן קאָפּ, פלעגט איהר בעקאַנטשאַפט זיין, ווי א „צויבער־שלאַג", וואָס פלעגט זיי אריינפיהרען אין א גאַנץ נייע וועלט. מאַנכע בעריהמטע פערזאָנען דערצעהלען, אז איין געשפּרעך מיט ראהעל'ן האָט געהאַט א ווירקונג אויף זייער גאַנצען לעבען.

אינטערעסאַנט איז געווען איהר בעציהונג צו דעם בעריהמטען אידישען ארצט דוד. ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט ראהעל'ן אלס 22־יאָהריגער סטודענט (אויך ראהעל איז דעמאָלט אלט געווען 22 יאָהר). די דאָזיגע בעקאַנטשאַפט איז געווען פאַר איהם, ווי ער האָט זיך אויס־געדריקט, א „געבורטסטאַג".

ראהעל האָט צוויי מאָל געליעבט אונ־גליקליך. דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך פער־ליעבט אין א יונגען גראַף. אויך ער האָט זי געליעבט. זיינע עלטערען זיינען אָבער געווען געגען דעם שידוך מיט דער אידישער מיידעל, און ער איז געווען צו שוואַך, כדי צו פיהרען א קאַמפּף מיט זיינע עלטערען. איהר צווייטער געליעבטער איז געווען א שפּאַניער. דאָס הייסע בלוט האָט אין איהם געקאָכט מיט אייפערזוכט געגען יעדען איינציגען, מיט וועלכען ראהעל פלעגט זיך נאָר בעגעגענען. ראהעל האָט אָבער ניט געקענט אוועקגעהן פון דעם גזעליגען, פרייען לעבען, און זי געהט זיך מיט איהם פאַ־נאַנדער. די ביידע אונגליקליכע ליעבעס האָ־בען אויף איהר זעהר שלעכט געווירקט — מאָ־ראַליש און פיזיש.

איהר גליק האָט זי ערשט געפונען אין איהר ליעבע צו ווארנהאַגען, וואָס איז געווען מערקווירדיג אין פיעלע פּרטים.

זי איז שוין אַלט געווען 37 יאָהר, ווען זיי האָבען זיך בעקענט. ער איז אַלט געווען בלויז 23 יאָהר. זי איז געווען א אידין; ער איז געווען אן אריסטאָקראַט, א קאַטאָליק. און דאָך, ביי די אַלע געגענזעצע, פּעראייניגט זיי זעהר גיך די אמת'ע פריינדשאַפט און ליעבע. ווען זיי האָבען חתונה, איז זי שוין אַלט 43 יאָהר און ער 29 יאָהר. זייער פערהייראַטער לעבען איז אָבער געווען דער גליקליכסטער. ראהעל איז געווען פאַר'ן בעריהמטען שריפט־שטעלער דאָס גרעסטע גליק אין לעבען. און וואָס פאַר א שרעקליכער קלאַפּ עס איז געווען פאַר איהם איהר טויט — דאָס זעהען מיר פון זיינע טאָגע־ביכער. ער האָט שוין קיין רוהע אין לעבען ניט געפונען. 9 יאָהר נאָך איהר טויט שרייבט ער: „איך דערמאָהן זיך אָן ראהעל'ן, איך פערגלייך די פערגאַנגענהייט מיט דער געגענוואַרט, און איך פיהל, ווי איך וואָלט שוין געווען האַלב געשטאָרבען, אָבגעריסען פון גאַנצען לעבען".

אין ווארנהאַגענען האָט ראהעל ענדליך גע־פונען דעם מענשען, וואָס זי האָט ביז אהער אומזיסט געזוכט — דעם מענשען, פאַר וועלכען זי האָט ניט געדאַרפט האָבען קיין סודות, וועל־כער האָט זי אין גאַנצען פערשטאַנען. ווארנ־האגען איז געווען איינער פון די געאַכטעסטע פערזאָנען פון זיין צייט. זיין בעקאַנטשאַפט פלע־גען זוכען אַלע אייראָפּעאישע בעריהמטהייטען. זעלטען־ווען פלעגט ערשיינען א בעדייטענדע ווערק אָהן זיין אנטייל אָדער ראַטה (אויך טור־געגעוו פלעגט איהם פאָרלעזען זיינע ווערקע), און פערשטעהט זיך, מיט ווארנהאַגענען ווערט ראהעל'ס סאַלאָן נאָך גלענצענדער.

א פראַנצויזישען שריפטשטעלער האָט ראַ־העל געשריעבען און געראַטהען, אז ער זאָל קו־מען אין בערלין. אין בערלין, שרייבט זי, שפּיעגעלט זיך אָב דאָס דייטשע גייסטיגע לע־בען, און דער מיטעלפּונקט פון גייסטרייכען בערלין איז זייער הויז.

ראהעל איז געווען בעקאַנט מיט אַלע גייסטיגע שטרעמונגען פון איהר צייט. מען מוז בעוואונדערען, וואָס פאַר א קאָלאָסאַלען מאַ־טעריאַל זי האָט בעהערשט, ווי פיעל און ווי גרינדליך זי האָט געלעזען, מאַכענדיג פיעלע און ווערטהפולע נאָטיצען. זי האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע. זי האָט געלעזען מיט בעגייסטערונג העגעל'ן. ווייטער בעשעפ־טיגט זי זיך מיט פיכטען, שלייערמאַכער'ן. זי איז בעקאַנט מיט אַלע נייעסטע ערשיינונגען אין דער דייטשער און פראַנצויזישער ליטעראַ־טור. זי אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דער טהעאַטער קונסט. זי גיט זיך פיעל אָפּ מיט מוזיק, זי אינטערעסירט זיך מיט סען סימאָן און מיט דער גאַנצער סען־סימאָניסטישער בעווע־גונג. איהר פיעלזייטיגקייט מוז מען נאָך דער־פאַר בעוואונדערען, ווייל דאָס גזעליגע לעבען נעהמט ביי איהר אָב זעהר פיעל צייט. זי שטעהט אויף שפּעט, ווייל זי איז אָפט קראַנק. אויפשטעהענדיג, געפינט זי ביי זיך קרובות, מיט וועלכע זי גיט זיך זעהר פיעל אָב. זי בע־קומט איינלאַדונגען, מוז ענטפערען, מאַכען ווי־זיטען, אויפנעהמען ביי זיך געסט, און חוץ דעם, פיהרט זי א גרויסע קאָררעספּאָנדענץ מיט צעהנדליגע מענשען.

בראַנדעס ערקלערט איהר פיעלזייטיגקייט מיט איהר אידישער אבשטאַמונג. דאָס קען מען אָבער ערקלערען אויך מיט'ן כאַראַקטער פון איהר צייט. זי איז ניט געווען פיעלזייטי־גער פאַר געטהען, שלייערמאַכער'ן, העגעל'ן. און אָט דער אידישער פילאָזאָף ספינאָזא, אפשר דער איינציגער „הייליגער" צווישען די גע־לעהרטע, איז שוין גאָר ניט געווען פיעלזייטיג. חוץ דער וויסענשאַפט האָט פאַר איהם קיין

זאך ניט עקזיסטירט. און אין דער וויסענ־
שאפט האט איהם אינטערעסירט נאר דאס,
וואס עס האט א שייכות צו זיין סיסטעם.

וואס האט ראהעל אויפגעטהאן אין דער
וויסענשאפט? זי האט זיך ניט פערנומען מיט
א געוויסען סיסטעם, זי האט ניט בעארבייט א
געוויסען צווייג אויף וועלכען עס איז געביעט.
זי איז געווען א דילעטאנטקע, וואס האט גע־
ארבייט אויף פערשיעדענע געביטען. זי איז
אבער אן אריגינעלער קאפף, וואס האט פיינע
איינפאלען. אויך מערקט זיך אין איהר וועלט־
אנשויאונג א געוויסע איינהייט, די זעלבע
סוביעקטיוויטעט, וואס אין איהר פערזענליכ־
קייט. די וויסענשאפט איז פאר איהר ניט קיין
מיטעל די אויסערליכע וועלט צו ערקענען;
די וויסענשאפט איז פאר איהר אן אינערע בע־
פריעדיגונג. דיזעלבע סוביעקטיוויטעט גע־
פינט זי אין איינצעלנע וויסענשאפטען. די
נאטור, מיינט זי, זעהען מיר אזוי, ווי זי שפיע־
געלט זיך אפ אין אונז. אויך די קונסט בע־
טראכט זי גאנץ אינערליך. זי דארף אונז שיל־
דערן ניט די אמת'ע וועלט, נור די פאנטאזיע־
וועלט, מיט וועלכער מיר זאלען זיך בעפריע־
דיגען, אזוי ווי די קינדער.

מיר וועלען זיך לענגער אבשטעלען אויף
איהר רעליגיעזע וועלט־אנשויאונג. זי איז ביי
איהר ענג צוזאמענגעוואקסען מיט איהר פערזענ־
ליכקייט. ראהעל, פאר וועלכער דאס געפיהל
שפיעלט אזא גרויסע ראלע, שפירט זיך היימיש
אין דער אטמאספערע פון ריינעם געפיהל —
אין דער רעליגיאן. זי בעשעפטיגט זיך פיעל
מיט דער טעארעטישער זייט פון דער רעליגיאן,
זי איז אבער אויך א פרומע נאטור, וואס
גלויבט מיט דער גאנצער נשמה. די רעליגיאן,
דער גלויבען, זאגט זי, איז פאר אונז א בעדירפ־
ניס. מיר מוזען גלויבען, וואו מיר קענען ניט
וויסען. אין איהר פיעלזייטיגקייט, אין איהר
בעדירפניס אויפצונעהמען אין זיך די גאנצע
מענשליכע קולטור, שטעלט זי זיך ניט אב אויף
א געוויסער פאזיטיווער רעליגיאן. „דער אונטער־
שיעד פון רעליגיאן און פאזיטיווער רעליגיאן,
זאגט זי, בעשטעהט אין דעם, דאס די לעצטע
האט איהר פרינציפ אין א געוויסער געשיכטע,
די ערשטע אין אלע געשיכטעט". דער מענש
זאל אלעס וויסען, אלעס אין זיך דורכפיהלען.
דאס אבער קען ער ניט, ער איז בעגרענצט, און
דערפאר שטעלען מיר אונז פאר גאט, אלס דאס
אבסאלוטע, וואס איז אונבעגרענצט. מיר זיי־
נען בעגרענצט, גאט איז אונבעגרענצט. דאך,
פאר ראהעל'ן, פאר וועלכער די פערזענליכקייט
שפיעלט אזא גרויסע ראלע, עקזיסטירט אויך
א פערזענליכער גאט. עס הערשט לויט איהרע
פארשטעלונגען א בעגענזייטיגע ווירקונג צווי־
שען גאט און מענשען. אהן גאט איז דער
מענש א גארניט, ווי עס איז א נול א שטראהל,
וועלכער האט זיך אבגעריסען פון דער זונן.
„איך אליין מוז זיין ווי די זונן. איך מוז מיט
מיינע שטראהלען אויסמאלען דעם פארבענלא־
זען טויטען ים פון דער גאנצער גאטהייט" —
ציטירט זי די ווערטער פון דעם דייטשען
מיסטיקער אין 17 יאהרהונדערט, אנגעלוס סי־
לעזיוס. „גאט איז מיר גאט און מענש, איך
בין איהם מענש און גאט". וואו מיר זיינען
ניטא, דארט איז גאט אויך ניטא. גאט איז
אין אונז, אדער מיר זיינען אין גאט.

גאט איז אין אונז — דאס זיינען פאר
איהר קיינע פוסטע ווערטער. זי איז פרום,
זי גלויבט אין גאט. דער זיעבען יאהריגען רא־
העל'ן חלומ'ט זיך: „איך זעה דעם ליעבען
גאט זעהר נאהענט, ער האט זיך איבער מיר
אויסגעברייטעט, און זיין מאנטעל איז געווען
דער גאנצער הימעל; אויף א ברעג פון דיעזעם
מאנטעל האב איך געקענט רוהען. און בין גע־
לעגען אין א גליקליכען דרעמעל". פאר'ן טויט,
זאגט זי, אז דיעזער חלום האט געלעבט אין
איהר דאס גאנצע לעבען און איז פאר איהר
געווען אין די ערגסטע צייטען א הימלישער
טרויסט. „איך דארף זיך נור לייגען גאט צו
די פיס אויף א ברעג פון זיין מאנטעל, און איך
ווער פריי פון אלע יסורים. ער ערלויבט דאס.
ווען איך לייד, בין איך אויך גליקליך. גאט
איז ביי מיר, און איך בין אין זיין האנד. ער
ווייס, וואס עס איז פאר מיר גוט און פארוואס
מוז דאס אזוי זיין".

דאס דאוונען האט פאר איהר געשפיעלט
א גרויסע ראלע. זי דאוונט מיט'ן גאנצען
הארצען, מיט טרערען אין די אויגען, שטעהענ־
דיג אויף די קניע. איצט פרעגט זיך: ווער
איז געווען איהר גאט? זי איז דאך געווען א
אידישע טאכטער. איז איהר גאט דער אידי־
שער גאט?

פאר איהר איז גאט געווען א פריינד, פאר
אונזערע טאטעס איז ער א הערשער, א שטרא־
פענדער פאטער. אבער צו וועמען האט זי
געדאוונט? אויף דעם קענען מיר ניט ענט־
פערען, ווייל איהר גאט איז געווען איהר גלוי־
בען, איהר לעבען. ער איז ניט געווען קאנק־
רעט. מיר ווייסען, אז זי פלעגט דאוונען פון
דער מאמע'ס סידור. מיר ווייסען אבער אויך,
אז זי פלעגט אויף די קניע שטעהען, דאוונענ־
דיג. דערפון וואלט זיך די פרומע מאמע זיכער
אין קבר איבערגעקעהרט. יע, איהר רעליגיאן
איז ניט געווען א געוויסע, בעשטימטע רעליגיאן.
און מיט דעם ערקלערט זיך די בעגייסטערונג,
מיט וועלכע די פרומע מענשען פון פערשיעדענע
רעליגיאנען האבען זיך בעצויגען צו איהרע רע־
ליגיעזע בעטראכטונגען און איהרע בריעף און
טאגעביכער.

עס איז אינטערעסאנט צו בעטראכטען רא־

העל׳ס בעציהונג צום יודענטהום. ווי זעהר פיעלע יונגע מענשען פון איהר צייט, האָט ראַהעל געליטען פון דעם, וואָס זי איז א אידין. טראָטץ איהר גרויסע פעהיגקייטען און איהר וואונדערשעהנע זעעלע, האָט זי אַלץ ניט קיין צוטריט אומעטום אין דער געזעלשאַפט. זי פיהלט אָפט, אַז זי ווערט צוליעב איהר אבשטאַמונג פעראַכטעט. דאביי נאָך פיהלט זי זיך צו ענג אין דעם אידישען בירגערליכען לעבען. זי ליעבט די זיטען פון דער קריסטליכער אַריסטאָקראַטיע. „אַן איינציגע בעריהרונג מיט מיינער אומגעבונג מאַכט מיך שמוציג“, זאָגט זי. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי „בעגיסט זיך מיט בלוט“ פון עגמת נפש, וואָס זי איז אַ אידין, איז זי צוגעבונדען צו אידישקייט, וואָס צווינגען זי צו בלייבען א אידין לייגגער, ווי איהרע ברידער. ארום איהר האָט געהערשט א ריכטיגע עפּידעמיע פון שמד; זי אָבער האלט אוים צעהנדליגע יאָהרען און טויפט זיך ערשט פאר דער חתונה. דאָס מוז זי, ווייל וואַרנהאַגען איז אַ קריסט. ראַהעל, וואָס רעכענט זיך מיט דעם אמת׳ן געפיהל, און וואָס האַסט אלץ, וואָס איז מעהר ניט ווי אויסערליך, ראַט איהרע ברידער צו טויפען זיך. „איהר מוזט אויך אויסערליך געהערען צו דער גרויסער קלאסע, מיט וועמעס מנהגים, איבערצייגונגען, בילדונג — איהר שטימט איין“. אויך זי איז איינשטימיג מיט דער „גרויסער קלאסע“, מיט איהרע מנהגים און בילדונג. דאָך, טויפט זי זיך ניט צוזאמען מיט איהרע ברידער. און דאָס איז נור דערפאַר, ווייל זי ליעבט איהר פאָלק, איהר אידיש פאָלק.

די שמד־פראגע בעטראַכט ראַהעל לײדער אָפּטמאָל גאַנץ פראַקטיש. צוליעב פראַקטישע צוועקען ראַט זי אַ פריינדין צו טויפען זיך צוזאמען מיט איהרע קינדער. אמת, זי זאָגט אָן איהר פריינדין, אז זי זאָל זיך ניט שעהמען מיט איהר אידישער אבשטאַמונג און זאָל זיך ניט אָבזאָגען פון דער נאַציאָן, וועמעס פעהלער און אונגליק זי קאָן; זי זאָל דאביי דורכאוים ניט מורא האָבען, טאָמער וועט מען זאָגען, אַז זי האָט נאָך אין זיך אַ ביסעל אידישקייט. אָבער די עצה ניט צו שעהמען זיך מיט דער אידישער אבשטאַמונג ענדערט ניט דעם סך הכל — זי ראַט זיך צו טויפען צוליעב פראַקטישע צוועקען. בכלל קאָן מען וועגען איהר אידישקייט גאָר נישט בעשטימטעס זאָגען. אין דעמזעלבען בריעף, אין וועלכען זי ראַט דער פריינדין צו טויפען זיך און דאָך ניט אָפּצוזאָגען זיך פון איהר פאָלק, שרייבט זי איהר, אַז איהרע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אויף אזא אופן, אַז די אידישקייט זאָל פאר זיי האָבען אַ היסטאָרישע בעדייטונג.

אַ קורצע צייט פאר איהר טויט האָט זי זיך אַזוי אויסגעדריקט: „איך, די אנטלאָפענע פון מצרים און ארץ־ישראל, געפין עס אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט און ליעבע ביי אייך . . . מיט ערהאַבענער ענטציקונג דענק איך וועגען מיין אבשטאמונג, וואָס איז אַזוי לאנג געווען פאר מיר דאָס גרעסטע לייד און אומגליק. אַ אידין געבאָרען צו זיין — פאר קיין פאל וואָלט איך זיך איצט דערפון ניט אָפּגעזאָגט“. דיזע ווערטער איהרע האָט אונז איבערגעגעבען איהר מאַן און דאביי דערצעהלט ער, אַז אַ קורצע צייט נאָך דעם זאָגט זי מיט טרערען, דאָס זי האָט געטראַכט וועגען יעזוס׳ן, און זי פיהלט, אַז ער איז איהר ברודער. הייסט עס, זי איז צוגעבונדען און ליעבט די אידישקייט, זי ליעבט אָבער אויך דאָס קריסטענטום.

איך געפין דערפאר פאר אונריכטיג, ווען עמאַ גראַף, וועלכע האָט אַזוי פיין פערשטאַנען ראַהעל׳ס פערזענליכקייט, זאָגט, אַז ראהעל איז געווען פריהער אַ קריסטין, און ערשט די לעצטע יאָהרען פון איהר לעבען ווערט זי אַ אידין. איך גלויב, אַז די צוויי וועלטען האָבען אין איהר תמיד געלעבט.

ראַהעל׳ס קריסטליכקייט — דאָס איז געווען אַ צינז, וואָס אפילו זי, די גרויסע ראהעל, האָט געצאַהלט דעם גייסט פון איהר צייט, דער שמד־עפּידעמיע פון איהר צייט.

איך וויל נאָך צוגעבען, אַז זי איז געווען אַ דייטשע פּאַטריאָטקע, נאָך מעהר, זי איז געווען אַ פּרייסישע פּאַטריאָטקע און איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס זי איז אַ בערלינערין. די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבען נאָך פערשטאַרקט איהר פּאַטריאָטיזם און האָבען זי פּעראינטערעסירט מיט דער פּאָליטיק. זי איז געוואָרען אַקטיוו — אין איהרע הענד האָט זי געהאַט דאָס צענטראַלע ביוראָ פון רויטען קרייץ. זי האָט געאַרבייט איינעגע יאָהר אין פראג אין אַ האָספּיטאַל און איז זעהר בעליעבט געווען פון די סאָלדאַטען.

ראַהעל׳ס וועלט־אַנשויאונג איז געווען טיעף צונויפגעוואַקסען מיט איהר פּערזענליכקייט. איהר פּערזענליכקייט איז געווען אָריגינעל און האָט זיך בכלל ווייניג געענדערט — אויך איהר וועלט־אַנשויאונג איז געווען אָריגינעל און האָט זיך געענדערט ווייניג. דיזע טהאַטזאַכע איז וויכטיג, ווייל זי פערבינדעט ראַהעל׳ן מיט צוויי דורות. אין דער יונגענד איז זי פערוואַנדט מיט דער ראָמאַנטיק. ווען אָבער די לעצטע ענדערט זיך, פיהלט זי זיך נאָהענט צו דער נייער גענעראַציאָן פון „יונג דייטשלאַנד“. און מיט׳ן טאַלענטפאָלסטען דיכטער פון „יונג דייטשלאַנד“, מיט היינריך היינע, איז זי געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען.

אַלס 21 יאָהריגער סטודענט, איז היינע געקומען קיין בערלין. קיין נאָמען אין דער ליטעראַטור האָט ער נאָך דאַן ניט געהאַט. ער

פֿלעגט אַריינקומען אין ראַהעל׳ס סאַלאָן. די בעל הבית׳טע האָט זיך פֿעראינטערעסירט מיט דעם איינזאַמען יונגען מענשען און האָט איהם פֿערשטאַנען, בעת אַנדערע פֿלעגען איהם ניט פֿערשטעהן. צו איהר מאָן שרייבט ער איין מאָל: „צו אייער פֿרוי דאַרף איך ניט שרייבען. זי ווייס, וואָס איך וואָלט קאָנען איהר זאָגען. זי ווייס, וואָס איך דיינק און וואָס איך דיינק ניט.“ אין ראַהעל׳ס הויז האָט ער געלעזען זיינע געדיכטע. מיט וואַרנהאַגענס הילפֿע האָט ער זיי געדרוקט. דאָ, אין וואַרנהאַגענס הויז, האָט ער געפֿונען צום ערשטען די אַנערקענונג אַלס מענש און דיכטער. זייער הויז רופֿט ער אָן זיין „פֿאַטערלאַנד“, און ראַהעל די גייסט־רייכסטע פֿרוי אין דער גאַנצער וועלט. דאָס בעגעגענען זיך מיט ראַהעל׳ן, זאָגט ער, איז פֿאַר איהם געוועזן אַ לעבענס־עפּאָכע.

אין „בוך דער ליעדער“ ווידמעט ער איהר „אַהיים“. אין 10 יאָהר אַרום, ווען זי לעבט שוין ניט מעהר, רעדט ער אין פֿאָרוואָרט צו דער צווייטער אויסגאַבע וועגען איהר מיט וואַרימע, שעהנע ווערטער. ער רופֿט זי „די גרויסע פֿרוי“. ראַהעל האָט צום ערשטען היינען אָפּגעשעצט. וועגען „בוך דער ליעדער“ האָט זי זיך אויסגעדריקט: „אַלעס גייסטיגע פֿערגעהט. דאָס „בוך דער ליעדער“ אָבער לעבט ביז היינטיגען טאָג און וועט ווייטער לעבען.“

אונז איז נאָך געבליעבען צו בעטראַכטען ראַהעל׳ס בעציהונג צו געטהען. ראַהעל איז אַלט געוועזן איינינגע און צוואַנציג יאָהר, ווען זי האָט זיך בעקענט מיט געטהעס פּאָעזיע. זי פֿלעגט שטענדיג דערמאָנען מיט ליעבע די קליינע שאַלקע אין איהר פֿאַטערס הויז, וואו זי האָט אָנגעפֿאַנגען צו לעזען געטהען. דער דיכטער ווערט איהר „גאָט“, איהר „לעהרער“, איהר „פֿריינד“. ער איז פֿאַר איהר אַן אידעאַל אַלס דיכטער און מענש. ער איז אויך איהר פֿריינד, צו וועלכען זי טראָגט איהר לייד און איהר פֿרייד, ביי וועלכען זי געפֿינט בערוהיגונג און אָפֿט אויך אַן עצה. „דאָס גאַנצע אינערע לעבען און געטהע איז ביי מיר דאָס־זעלבע“. נאָך מעהר: „געטהע און דאָס לעבען איז פֿאַר מיר דאָסזעלבע“. דעם דיכטער געטהע, דעם מענשען געטהע, אויף וויפֿיעל ער שפּיעגעלט זיך אָב אין זיין דיכטונג, ליעבט זי — אין דעם ווירקליכען מענשען געטהע נויטיגט זי זיך ניט. זי זוכט ניט זיין בעקאַנטשאַפֿט, זי שרייבט איהם ניט קיין בריעף.

אויך די ראָמאַנטיקער פֿערגעטערן געטהען גלייכצייטיג מיט ראַהעל׳ן. זייער בעציהונג צום דיכטער איז אַן אַנדערער ווי ראַהעלס. זיי זיינען פֿון געטהע׳ס פֿערעהרער געוואָרן געטהע׳ס נאָכמאַכער. און אַרויסגעהענדיג פֿון געטהע, האָבען זיי זיך פֿון איהם ערווייטערט. ראַהעל אָבער האָט געטהען ניט נאָכגעדיכטעט, זי האָט זיך איינפֿאַך מיט איהם איינגעלעבט. פֿיעלע פֿון זיינע ווערק האָט זי אויסווענדיג געקאָנט. אויף יעדעס ערלעבניס געפֿינט זי ביים דיכטער אַן אָבקלאַנג. אויף אַלע פּאַסירונגען אין לעבען זוכט זי ביי איהם אַן ענטפֿער. ראַהעל האָט געטהען דורכגעלעבט, זי האָט איהם אויך דורכגעדאַכט. זי פֿערשטעהט איהם; זי פֿערשטעהט יעדעס ווערק פֿון געטהען אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַנדערע ווערקע און אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּערזאָן.

געטהען פֿרייט איהר פֿערעהרונג, ווייל ער ווייס, אַז דאָס איז ביי איהר טיעף און אָריגינעל — ניט קיין „אַלגעמיינע אידעע“, ווי ער דריקט זיך אויס. ער האָט זי געקענט פֿון איהרע בריעף צו אַנדערע, וועלכע מען פֿלעגט איהם ווייזען. איין מאָל האָבען זיי זיך געטראָפֿען אין אַ געזעלשאַפֿט אין קאַרלסבאַד. און איין מאָל איז ער צו איהר געקומען אין פֿראַנקפֿורט אין אַ צייט, ווען ער פֿלעגט זיך בעהאַלטען פֿון מענשען און ערגעץ זיך ניט ווייזען.

געטהע איז געשטאָרבען מיט אַ יאָהר פֿריהער פֿאַר ראַהעל׳ן. איבער זיין טויט געפֿינען מיר אין איהר טאַגעבוך איינינגע ווערטער: „מילדער אַלס דאָס מאַי־רעגען זיינען די קינדער קוסען, די ראָזען־ריחות, די נאַכטיגאַל־טענער — געטהע הערט עס ניט מעהר, עס פֿעהלט דער גרויסער עדות.“

געטהע איז געשטאָרבען אין יאָהר 1832. אין יאָהר 1833 שטאַרבט ראַהעל. אויך נאָכ׳ן טויט געהערט זי דער קריסטליכער און דער אידישער וועלט.

זי איז בעגראַבען אויף אַ קריסטליכען בית עולם, צו איהר לויה טיילט איהר מאַן צדקה די אידישע אָרימע לייט.

וואַרנהאַגען האָט איהר געשטעלט אַ גרויסען דענקמאַל, אַרויסגעבענדיג איהרע בריעף און טאַגעביכער. איהרע בריעף פֿלעגען מאַכען אַן אונגעוואָהנליכען איינדרוק. איין קאָרעספּאָנדענט שרייבט איהר: „איך לעז אייערע בריעף 3 ביז 4 מאָל, איינינגע שטעלען נאָך מעהר, ליעג זיי דאַן אַוועק מיט אַ געפֿיהל פֿון אַ קאַרגען, וואָס האָט פֿערגרעסערט זיין קאַפּיטאַל אויף איינינגע טויזענד טאַלער. נאָכהער לויף איך אַרום אין צימער איינינגע שטונדען און לאָז אין מיר אייערע ווערטער נאָכקלינגען. אין אַזאַ שטימונג קען איך ניט ענטפֿערען, ווייל איך פֿיהל אין זיך דאָס גאַנצע און קאָן זיך דערפֿאַר ניט אָבשטעלען אויף די איינצעלהייטען. אַזוי ווירקען אויף מיר אייערע בריעף תמיד, אַזוי וועלען זיי ווייטער ווירקען.“

איהרע געדרוקטע בריעף האָבען געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג אין גאַנץ דייטשלאַנד. היינע האָט געזאָגט, אַז ראַהעל איז דאַן פֿון קבר אויפֿגעשטאַנען ריכטיג ווי די ביבלישע רחל.



דער ברוקלינער מוזעאום פאר קונסט און וויסענשאפט

סאול ראסקין

א שפאציער איבער'ן ברוקלינער מוזעאום

.1

דער ברוקלינער מוזעאום פאר קונסט און וויסענשאפט געפינט זיך נעבען פראספעקט פארק אויף א הויכען פלאץ, אזוי אז די מעכטיגע געביידע הערשט איבער דער גאנצער געגענד. דורך די פענסטער פון אויבערשטען שטאק, דארט וואו די בילדער זיינען אויסגעשטעלט, עפענט זיך פאר די אויגען אזא ברייטעס און הערליכעס בילד, אז עס שטייגט אריבער אין שעהנקייט מאנכע פון די געמאלענע לאנדשאפטען אויף די ווענד. דיעזע געביידע, ווי גרויס זי איז, איז ערשט א פערטעל פון דעם וואס זי וועט שפעטער זיין, ווען זי וועט פארטיג ווערען אין גאנצען. עס וועט דאן זיין א בנין פון זעלטענער שעהנקייט און גרויסקייט, ווי דאס איז צו זעהען פון דעם מאדעל, וואס געפינט זיך אין דער סקולפטור אבטיילונג אין'ם ערשטען שטאק.

גלייך ווי מען טרעט אריין אין מוזעאום, באגעגענט מען א ווייסע מחנה גריכישע געטער און העלדען. רעכטס פון אריינגאנג זיצט דער גאט פון מלחמה, מארס, אין א רוהענדער פאזע. ער איז ווייך און גוט געשטימט. ווייסט איהר פאר וואס ? צו זיינע פיס שפיעלט זיך דער קליינער, צארטער שטיפער — קופידאן. דער גאט פון קאמפף גיט נאך דער ליעבע. נעבען דעם פרידליכען מארס געפינט זיך דער לינדענדער לאאקאאן מיט זיינע אונגליקליכע צוויי זיהן. זיי אלע זיינען ארומגעכאפט פון שלאנגען, ווערען פון זיי געביסען און געשטיקט. ס'איז אן אויסגעצייכענטע קאפיע פון דעם אריגינאל, וואס געפינט זיך אין וואטיקאן אין רוים; דאס פנים פון דעם ליידענדען פאטער, אזוי אויך זיין גאנצער קערפער דריקען אויס שרעקליכע שמערץ אין יעדען מוסקעל.

ניט ווייט פון לאאקאאן שיינט בוכשטאבליך מיט זונען שטראהלען דער גאט פון ליכט און מוזיק, אפאללא פון בעלוועדער, דער שעהנסטער גאט אין דער גאנצער געטער־משפחה.



ווענוס־אַפראָדיטע (לואוור).



יופּיטער — רוים.

איהם אנטקעגען שטעהט א ליעבעסגעטין, די ווענוס פון מעדיצי. מיט די הענד פּארשטעלט זי שעהמעוודיג איהר נאקעטקייט. צו איהרע פיס שווימט א דעלפין, א מיטעאָלאָגישע ים־בעשעפעניש, אן אנווייז אז די געטין איז גע־בוירען געוואָרען פון דעם שוים פון ים. נאָהענט שטעהט די שלאנקע, פול יוגענדליכער קראפט און ווייבליכקייט דיאנא די געטין פון יאגד. א ביסעל ווייטער טריפט מיט בלוט די פארוואונדעטע ברוסט פון דעם „שטארבענדען גלאדיאטאָר". עס שטעהען דראפּירט אויף דעם עלעגאנטען גריכישען שטייגער דער טרא־גישער דיכטער סאָפאָקל, דער גרויסער רעדנער ד ע מ אָ ס פ ע ן, זיין קאָנקורענט אין רעדנער־קונסט ע ש י נ ע ס. עס ליגט אביסעל ווייטער די שלאָפענדע יונגפרוי אריאדנע. איהר דער־זעהט די בעריהמטע ליעבעס־געטין די ווענוס פון מילאָ מיט די אבגעבראָכענע הענד, און נאָך א דריטע ליעבעס געטין די ווענוס פון קאפּוא, אלץ פּאָפּולערע פרויען־געשטאלטען. און אָט שטעהט אויף א קליינעם פּיעדעסטאל דער קאָפּ פון יופּיטער, דעם פאטער פון אלע געטער. ער־האבענער, געטליכער צו מאכען די געזיכטס־ציגע פון א מענשליכען פּנים איז אונמעגליך. אָט שטעהט הערמעס, יאזאָן און נאָך פּיעלע אנדע־רע קינדער פון גריכענלאנד. מיר זאָגען קינדער פון גריכענלאנד, ווייל נאָר א פאָלק וואָס האָט געלעבט אין אזא מילדען קלימאט, און וואו מען האָט זיך ערלויבט ארומצוגעהען האלב נאקעט, אין פרייע לופט און ליכט, קרעפטיגען די מוס־קולען אין שפּיעל און גימנאסטיק, שטאָלצירען מיט א שעהנעם קערפּער, ליעבען און פּפלעגען שעהנקייט, נאָר אזא פאָלק האָט געקענט בע־שאפען אזעלכע שעהנע געטער, ווי די, וואָס מיר זעהען דאָ פאר זיך.

אלזאָ מיר האָבען דאָ א גאנץ שעהנע קאָ־לעקציע גיפּס פון גריכישער קונסט, יעדענפאלס דאָס וויכטיגסטע וואָס יעדער איינער דארף ווי־סען און קענען.

ביי ביידע זייטען פון דיעזען ערשטען צימער געפינען זיך צוויי קליינע צימערלעך מיט מאָדערנע סקולפּטור־ווערק. שעהנינקע, צאר־טע, עדעלע, דורכזיכטיגע מארמארנע נשמות. מאנכע פון זיי זיינען אזוי עדעל און צארט מיט

דעמאָסטען.

זייערע געטאקטע הענטעלעך, פינגערלעך, ליפּע־
לעך און מיידעלישע אונשולדיגע בריסטלען, אז
עס וואלט זיך וועלען צודריקען צום הארצען און
קושען אזא חנ'עוודיג מארמאר־שטיין. דאָך
מיט זייער גאנצער שעהנקייט און ליעבליכקייט,
און מאנכע זיינען אזוי רייצענד שעהן, ווי די
טאנצענדע וואקכאנקע, זיינען זיי ניט ווערטה
איין איינציגען פוס פון אפאללא, הערמעס,
אָדער דיאנא.

מיר לאָזען פארביי דעם צווייטען עטאזש
מיט די וואונדערבאר רייכע קאלעקציע פון גע־
שטאָפּטע פויגעל, פיש, חיות, קריכענדע, שפּרינ־
גענדע, לויפענדע און שווימענדע ערד־בעוואָה־
נער . . . די גאנצע נאטור־געשיכטע האָט איהר
דאָ „אויסגעשטאָפּט“! דער עלעפאנט, וואל־
פיש, קראָקאָדיל, אָדלער, מויז, לייב, שמעטער־
לינג, סקעלעטען פון מענש און אפּפע, די גאנצע
קרעאטור גאָטעס איז דאָ געזאמעלט אין גלע־
זערנע קאסטענס, אלץ שעהן קלאסיפיצערט,
מיט צעטעלעך באקלעבט, אזוי אז מען לערענט
די געשיכטע פון דער וועלט מיט בלויזען קוקען.

מיר פאָהרען פארביי דיעזען עטאזש און
קומען צו סאמען אויבערשטען. מיר בעטראכ־
טען א קיילעכדיגען זאָל, מיט קאָלאָנען ארומ־
געשטעלט, מיט א ליכטיגען קופּאָל פון אויבען.
א פאסענדערען טעמפּעל פאר דעם גרויסען מי־
קעל אנזשעלאָ איז שווער צו געפינען. דאָ זיצט
טאָקע מ. אנזשעלאָ, זיין גיגאנט „משה“, און
קוקט מיט דעם שארפען פּראָפעטען־בליק אין די
ווייטקייט. עס שטעהען אויך די צוויי „גע־
פאנגענע“, צוויי טיילען פון א גראב־דענקמאָל,
די וועלט בעריהמטע „טאָג“ און „נאכט“. אויך
זיין „פּיאטע“: מאריא האלט אויף די קניע דעם
טויטען קערפּער פון איהר זוהן. אלץ אויסגע־
צייכענטע גיפּס קאָפּיעס. עס געפינען זיך אחוץ
דעם אין דיעזען רונדען זאָל קאָפּיעס פון דעם
אנדערען גרויסען סקולפּטור פון רענעסאנס,
דאָנאטעלאָ. קורץ, ס'איז דאָ פיעלעס וואָס צו
זעהען און לערנען. דאָך דאָס אנגענעהמסטע
ווארט אויף אונז אין די בילדער־זאאלען.

די בילדער זיינען דאָ צוטיילט אין דריי
גרופּען. צו דער רעכטער זייט, ווען מען שטעהט
מיט'ן פּנים צו „משה“, געפינט זיך א לאנגע
גאלעריי אינגאנצען געווידמעט דער אמעריקא־
נער מאלעריי, לינקס — א גאלעריי פאר מאָ־
דערנע אייראָפּעאישע קונסט, און נאָך ווייטער

ווענוס פון מילאָ.

אביסעל — אַ גרויסער צימער מיט בילדער פון די אלטע קינסטלער — איטאַליעניש, שפּאַני־שע, ניערערלענדישע און דייטשע.

באזוכען מיר צוערשט די אמעריקאנער. דער לאנגער שמאָלער זאַל איז צוטיילט מיט קליינע צווישענוועגטלעך, אזוי אז עס בילדעט זיך אַ רייהע אָפּענע, לופטיגע און ליכטיגע צי־מערלעך. ס'איז זעהר ליבליך אראנזשירט און דער דירעקטאָר פארדיענט אַ בעזונדערען לויב פאר דעם גוטען געשמאַק וואָס ער האָט ארויס־געוויזען. עס טרעפט נעמליך זעהר אָפט, אז דער קאָליער פון די ווענד, אויף וועלכע די ביל־דער הענגען איז פיינדליך צו די בילדער. אַ גרינע וואנד, למשל, אויב אויף איהר הענגט אַ בילד וואָס שטעלט פאָר אַ גרינעם פעלד — וועט געוויס אָרעמער מאכען די גרינקייט פון דעם בילד. אַ געל קאָלירטע וואנד וועט געוויס אָבשוואַכען די ליכטיגקייט פון אַ רויט־אראנזשעווען זונען־אונטערגאנג און ז. וו. איבערהויפּט האָט די פארב פון די ווענד, אויף וועלכע בילדער הענגען, זעהר פיעל צו בעדיי־טען! די פארבען אויף די בילדער קענען דער־שטיקט ווערען אָדער לעבעדיגער ערשיינען דורך

הערמעס.

סאָפאָקל.

דעם ארומיגען טאָן פון דער וואנד. דארום מוז אַ מוזעאום־דירעקטאָר מיט אַ פיינעם געשמאַק זעהען צופּאַסען דעם קאָליר פון די ווענד גינ־סטיג פאר די בילדער און זאָל צוזאמען מיט זיי בילדען אַ גוטען פארבען־אַקאָרד. דער דירעק־טאָר פון דיזען מוזעאום איז געפאלען אויף אַ גוטען געדאנק: ער האָט באַצויגען די ווענד מיט אַ גראָבען גרוי־ברוינעם לייוונד, אַ סאָרט מאַטעריאל פון וועלכע מען נעהט פּראָסטע זעק. אָבער ס'איז אַ וואונדער ווי עדעל און שעהן דיזער גראָבער טוך טויג זיך דאָ מיט זיין נייטראַלען אונבעשטימטען קאָליער. ער שטערט קיין בילד ניט און העלפט אַלע! דאָס ליכט וואָס קומט אין זאַל פון אויבען פערוואנדעלט ערטערוויז דעם לייכטען ברוין אין אַ גאָלדע־נעם שימער און דאָס צוזאמען מיט די באגול־דעטע ברייטע ראַמען מאכען אַן ענטציקענדען איינדרוק. אין יעדען צימערעל שטעהען ברייטע בענק. עס איז אזוי גוט צו זיצען אין דער שטיל און צו פארליערען זיך אין די פארביגע געדאנקען און שטימונגען.

אין דעם ערשטען צימער'ל ווישט אונז

אנטקעגנען דער ים פון דריי בילדער. אַלע דריי קינסטלער האָבען דעם ים אויפגענומען אין זיין רעכטען מיטען הארץ, ניט ערגעץ וואו ביי א ברעג, וואו די כוואַליעס צוקלאַפּען זיך אָן פעלזען, אָדער צושיטען זיך אויף'ן זאמד. גע־מאָלען זיכער, ברייט און מייסטערהאַפט. עמיל קארלסען איז איינער פון דיזע קינסטלער. מיט זיינע ימים האָבען מיר זיך שוין געטראָפען אין מעטראפּאָליטאַן מוזעום. פון אנדערע בילדער קוקט ארויס די נאטור אין פערשיעדענע מאָ־מענטען. לאַנדשאַפטען זעהען מיר איבערהויפּט ביי די אמעריקאַנער מעהר פון אַלעס. אין לאַנדשאַפט זיינען זיי מעהר טיכטיג און פליי־סיג. קיין לאַנד פערמאָגט ניט אַזא גרויסע צאָהל לאַנדשאַפטס־מאַלער ווי אמעריקא. ניין צעהנטעל פון אַלע בילדער אויף יעדער אויס־שטעלונג זיינען נאַטור־שילדערונגען. די פריה־

א מיידעל אין אבענד־שיין, פון ראָבערט רעיד.

לינגס־אויסשטעלונג אין אַקאַדעמיע פון דיזען יאָהר איז איינפאַך געווען, פון אָנהויב ביז'ן סוף, אַן אויסשטעלונג פון לאַנדשאַפטען. מען מוז זיי געבען גערעכט! זיי בעאַרבייטען מיט אזוי פיעל ליעבע יעדען בערגעל, יעדען קוסטי־קעל, יעדע פארבעלע אויפ'ן הימעל און וואַסער, יעדען שאָטען, וואָס א וואָלקען ווארפט פערביי־שווימענד אויף א גרינעם, אָדער שנעע־ווייסען פעלד; עס זעהט זיך אין דעם מאַלער אַזוי פיעל אויפריכטיגע ליעבע און זאָרגלאָזיגקייט, אז מען ווערט אליין, קוקענדיג אויף דעם, רו־היגער, געזינדער און הארציגער. אָט, צ. ב., דאָס בילד וואָס הייסט „פעברואר", פון רעד־פיעלד. קיינע עפעקטען. ערנסט, איינפאַך און עדעל. און אזוי זיינען כמעט אַלע. אויך אין די וויטערע צימער'לאַך הענגען אַלץ ליעבע, צאַרטע, גאָלדענע לאַנדשאַפטען. דאָ געפינען זיך קרעפטיגע בילדער פון פּאָל דאָגערטי, א גאַנצע רייהע זאַכען פון דעם בעקאַנטען דזשאָרזש איננעס — אמעריקא'ס שטאָלץ, פון וואיאַן, דעם צווייטען מייסטער אין אמערי־קאַנער לאַנדשאַפט, האָמער מארטין, מוירפי און נאָך פיעלע עדעלע און אמת גוטע נאַטור־בילדער, יעדע פון זיי א קוואַל פון גענוס און פרייד.

זייענדיג רייך אין לאַנדשאַפטס־מאַלעריי, איז אָבער אמעריקא מערקווירדיג אָרעם אין קינסטלער, וואָס זאָלען קענען, אָדער זאָגאַר וועלען פּרובען זשאַנר־סוזשעטען, דאָס הייסט סצענקעס פון אַלטעגליכען לעבען. דאָס אמע־ריקאַנער לעבען איז דאָך אזוי פערשיעדענאַר־טיג, אזוי קרעפטיג און בעוועגליך. מענשען, סיטואַציעס, דאַכט זיך, זיינען דאָ פאַרהאַן אַזעלכע פערשיעדענאַרטיגע, אָריגינעלע... און דאָך שילדערט זיי וועניג ווער. אויב די ליטע־ראַטור שפּיעגעלט ניט אָב דאָס גרויסע לעבען פון דיזען לאַנד, איז, אפשר, דאָ א תירוץ — דאָס לעבען האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט, קריסטאַליזירט, האָט נאָך קיין טראַדיציעס, קיין אייגענאַרטיגע נשמה, באהויכט מיט דעם אטהעם פון דורות. דאָס קען זיין א תירוץ פאַר דער ליטעראַטור. אָבער דער מאַלער קוקט דאָך ניט אזוי אין דער טיעף — ער בעאָבאַכטעט פון אויסען. פאַר איהם דארף דאָך זיין גענוג די ערשיינונג ווי זי רעפּרעזענטירט זיך אין אינ־טערעסאַנטע קאָנטורען און פארבען. זשאַנר־מאַלעריי פערמאָגט אמעריקא ניט. פון דעסט־וועגען האָבען מיר אין דיזען מוזעום עטליכע ליעבע פיגורען־בילדער. אָט, אין ערשטען צי־מער, „א לאַכענדעס מערכען", פון ראָבערט. גוטע, לעבעדיגע פּינזעל־ארבייט. דערנאָך א מיידעל אין די לעצטע שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון — צארט און וואַרעם געמאָלען פון ראָבערט רעיד. אין צווייטען צימער'ל געפינט זיך א בילד, געמאָלען פון א פרוי — ליליאַן־מאַטילדא־גענט. ס'הייסט: „פּאַסטאָראַל" — א פּאַסטוך־אידיליע. זיצט א מיידעל אויף א בוים און שפּיעלט אויף א פּיי־פעל. עס פאַלען אויף איהר זונען־פלעקען; אזוי העל, אזוי זאָרגלאָז איז די נשמה פון די־זער מיידעל, ווי די בלויע שטיקלעך הימעל, ווי די זאַנפטיגע גרינע בלעטער... ס'איז א שטיקעל פּ א נ ט ה ע א י ז ם — דיזעס בילד! איהר פיהלט, אז עס איז קיין וועזענטליכער אונטערשיעד ניטאָ צווישען די שפּעלעך, זונען־ליכט, בוים און דער מיידעל — אַלעס איז נאַטור, אַלעס איז גאָט.

„הורדוס“, פון דזש. טיסאט.



„מיסס לילאַנד“, פון דזש. וויסטלער.

דאָרט געפינט זיך אויף א פּאָרטרעט, געמאָלען פון דעם בעריהמטען „וויסטלער“, אין שוואַרץ און גרוי. אָט אזוי ווי א מענש שפּיגעלט זיך אָב אין דעם פליגעל פון א פּיאַנאָ. די קאָנטורען צושוואומען, ווי אין א געדיכטען טומאַן. עס זיינען אויך דאָ צוויי מערקווירדיגע בילדער פון „וויקס“. דער הייסער, פּוילער, איינגענאַרטיגער אָריענט איז געשילדערט. איין בילד שטעלט פאָר אַראַבער ארום א מארמאַרנעם באַסיין... דאָס צווייטע — א קאַראַוואַן מיט קאמעלען ביי א ברונען אין מדבר. עס טראָגט זיך א טרוקענע, שטיקענדע היץ פון דעם מדבר, שוואַרצע, פאַרברענטע מענשען און גיגאַנטישע גרויע טיערע.

מיר געהען אויף פערביי א גאַנצע סעריע סקיצען פון דעם בעריהמטען אַמעריקאַנער מאַלער ס א ר ז ש ע נ ט. ברייט געפּינזעלטע וואַסער־פאַרבען מיט א זיכערע און געניטע האַנד. פאַר מאַנכע קענען דיזע סקיצען אויסזעהען ווי פּראָסטע שמירעריי. די, וואָס ווייסען אָבער די טעכניק פון אַקוואַרעל (וואַסער פאַרבען־מאַלעריי) און זעהן ווי געשיקט עס זיינען

די צויבערער פון מזרח־לאנד וואנדערען נאך בית לחם צו זעהן דאס קריסטוס־קינד. פון דזש. טיסאט

ארונטערסקיציערט פערבייגעהענדיג, ווי א נא־
טיץ געמאכט אין נאטיץ־ביכעל — הייזער, גא־
סען, מענשען, דענקמעלער — דער וועט אבשע־
צען די מייסטערשאפט פון דעם ווירטואז
דזשאהן סארזשענט.

נון, קומען מיר צו א מערקווירדיגען צי־
מער. דער „טיסאט־צימער“. עס הענגען דא
350 קליינע בילדער'לאך, אלע פון דעם לעבען,
ליידען און טויט פון קריסטוס. טיסאט איז א
וואונדערבארער צייכנער, מיניאטיוריסט. א
פארשטעלונגס־קראפט האט ער, א פאנטאזיע,
א וואונדערבארע! וויפיעל פאזען, וויפיעל גע־
שטאלטען! קיין זאך איז ניט צו שווער פאר
איהם, קיין מאסע ניט צו־פיעל־קעפיג, קיין
בארג ניט צו־פיעל־שטייניג, קיין שטאדט ניט
צו־פיעל־מויעריג. איהר דארפט זעהען זיין
בילד פון ירושלים, אדער א בילד פון בית־המדרש
און אנדערע פלעצער פון הייליגען לאנד! ס'איז
צו שטוינען איבער די ארבייט, דעם בליק, די
געדולד. ער אונטערנעהמט אלעס, בעזיעגט אלע
שוועריגקייטען! ווי קונציג די מאסען זיינען
ניט געמאכט, פערגעסט ער דאך ניט יעדען
איינציגען פנים'ל, ווי קליין עס זאל ניט זיין,
צוצוגעבען א בעזונדער אויסדרוק. עס איז צו
בעוואונדערען די שאפונגס־קראפט, די אינטע־
רעסאנטע קאמפאזיציעס און פערשיעדענאר־
טיגקייט! ער ווערט מיט רעכט פערגליכען מיט
דעם געניאלען פראנצויזישען צייכנער גוסטאוו
דארע.

און צווישען די צימער'לאך שטעהען קליי־
ניצקע סטאטועטקעלעך פון בעססי וואנאה,
וואס שילדערען זעהר הארציג שטילע מוטער־
ליעבע און מוטער־גליק...

איצט וועלען מיר אריבער געהן צו דעם
צווייטען טייל בילדער — צו די מאדערנע
אייראפייער.

ב. גאָרין

די געשיכטע פון אידישען טהעאטער

Copyright by B. Gorin, 1914.

דער אָנהויב פון דער אידישער דראמע

וואָס האָט געשטערט דער ענטוויקלונג פון אידישען טהעאַטער.—די גרויסע שייכות פון השכלה צום אידישען טהעאַטער.—די דריי נויטיגע עלעמענטען פון דער אידישער ביהנע.— די גרעסטע געגנערין פון אידיש שאַפט די נויטיגע קרעפטען פאַר'ן אידישען טהעאַטער. — איינער פון די גרעסטע זיילען פון דער השכלה איז דער פאָטער פון דער ערשטער מאָדערנער אידישער קאָמעדיע.

.3

אין גרונד האָט זיך דער אָנהויב פון אידישען טהעאַטער, דאָס הייסט א טהעאַטער וואָס איז אויסגעוואַקסען אויפ'ן שוים פון אידישקייט מיט דער הסכמה פון די כשר'סטע און פרימסטע אידען, געדאַרפט זיך רעכענען פון דער צייט, פון דעם אָנהויב פון דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט. דער דאָזיגער טהעאַטער האָט געצויגען די יניקה פון דעם גאַנצען פאָלק, און ווען דער טהעאַטער וואָלט זיך אויף דעם זעלביגען דרך געקאָנט ענטוויקלען מיט דער זעלביגער קראַפט ווייטער, וואָלט ער דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. אָבער דער שוים פון אידישקייט האָט ניט געקאָנט בעפרייען דעם טהעאַטער פון די גדרים און סיגים, מיט וועלכע ער אליין איז געווען ארומגערינגעלט און אזאַ טהעאַטער איז געווען אָנגע'חתמ'עט ארומצודרעהען זיך שטענדיג אין א פערשאָלטענעם קרייז און האָט זיך פון איהם ניט געקאָנט ארויסרייסען.

דער טהעאַטער פון דעם פורים שפיעל איז אפילו געוואָרען רייכער, טיעפער, דער בעגריף, אז פורים־שפיעלער דאַרפען זיין געקנאָטען פון המצאות, וויצען נבול פה טרעט אָב דעם פלאַץ פאַר אן ערנסטערע אויפפאַסונג פון דראַמאַ. דאָס שפיעל איז אריבער פון דעם שוהל־הויף און פון דעם ברייטען בעל הבית' שטוב אין א טהעאַטער אויף א ריכטיגער ביהנע. די שטיקער זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען מיט דעקאַראַציעס, מיט א קאַפעליע, מיט מוזיק „גלייך איינער אָפּערע", און מען האָט זיי אויפגעפיהרט ניט נור אין דעם טאָג פון פורים, נור א גאַנצען חודש. די פורים שפיעלס זיינען געשריעבען געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען זיך געגרייט צו זיין רבנים, און די פורים שפיעלער זיינען געווען בחורים פון די גרעסטע ישיבות פון יענער צייט.

דאָס פורים־שפיעל אָבער סיי אין דער פאָרם פון א גראָבען פאַרס און סיי אין דער פאָרם פון א היסטאָרישע אָפּערע האָט זיך נאָך אלעמען געקאָנט בלויז האַלטען אויפ'ן זכות פון שכרות. מען האָט אַזעלכע שטיקער געקאָנט שפיעלען צוויי וואָכען פאַר פורים און צוויי וואָכען נאָך פורים, אָבער פורים האָט געמוזט זיין דער צענטער. דער טהעאַטער אויפ'ן שוים פון אידישקייט האָט אין די אויבען דערמאַנטע פיער שטיקער דערגרייכט די שטופע פון נאָן פלוס אולטראַ, דאָס הייסט די סאַמע העכסטע, און דאָ האָט די בית המדרש קונסט געמוזט בלייבען שטעהן.

מיר האָבען געזעהן, אז „מכירת יוסף" איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין פראַנקפורט אַן מאַין פון בחורים, וואָס האָבען געלערנט אין דער פראַנקפורטער ישיבה, אין דער פראַגער ישיבה און אין דער האַמבורגער ישיבה; אז דאָס שפיעל „אקטא אסתר עט אחשורש" איז אויפגעפיהרט געוואָרען פון די תלמידים פון דוד אָפּענהיים. מיר ווייסען אויך, אז לאַנגע, לאַנגע יאָהרען זיינען פורים צייט ארומגעפאָהרען וואַנדערענדע טרופּעס ישיבה בחורים און האָבען געשפּיעלט זייער רעפּערטואַר אין די פערשיידענע געהעטאָס. אָבער עס וועט זיין א גרויסער טעות צו ציהען דערפון א שלוס, אז אידען האָבען אָנגעהויבען צו קוקען דורך די פינגער אויף טהעאַטער פאָרשטעלונגען, און אז די רבנים האָבען דערצו געגעבען זייער תוקף. דורך די לאַנגע, לאַנגע הונדערטע יאָהרען פון דעם גלות האָט זיך דער אידישער קוק אויף טהעאַטער אויף קיין האָאר ניט געענדערט. דער זעלביגער פערבאָט צוליעב מושב לצים פון דער צייט פון די תנאים ביז די לעצטע רבנים איז געבליבען אין זייער פולער קראַפט. טהעאַטער איז געבליבען פאַר'ן בית המדרש אידען און פאַר'ן פרומען עולם א פרעמדע אינסטיטוציאָן, פון וועלכע אידען דאַרפען וויכען. אויבען איז שוין געווען ציטירט אן אויסצוג פון שמואל אבאאב'ס א בריעף, אין וועלכען ער רופט אָן טהעאַטער א נעסט פון זינד. ער איז ניט געווען דער איינציגער וואָס האָט געהאַט אזאַ מיינונג וועגען

טהעאַטער. רבי יונתן אייבעשיץ, בעסער בעוואוסט אונטער'ן נאָמען רבי יונתן פּראָגער, א בעריהמטער רבי פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט, דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע דרשות אין „יערות דבש" אזוי:

„ווי קען מען טראָגען אין הארצען דעם טרויער וועגען ירושלים, ווען מען זיצט אין א טהעאַטער און מען קוקט זיך צו ווי קאָמעדיאַנטען שפּיעלען?"

אויפ'ן ערשטען בליק קאָן אויססווייזען, אז דער מאָטיוו פון דעם אידישען ווידערווילען געגען טהעאַטער האָט זיך אין גאַנצען געענדערט. פון די ווערטער קאָן זיך אויסדרוקטען, אז דער מאָטיוו איז ניט קיין רעליגיעזער, נור א נאַציאָנאַלער, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, קומט טאַקע צו דעם שלום דער בעוואוסטער אידישער געלעהרטער לעאָפּאָלד לעוו, אין זיין ווערק „די לעבענס אַלטער אין דער אידישער ליטעראַטור". דאָס איז אָבער ניט אזוי. אין דעם זעלביגען יערות דבש, אין אַן אַנדער דרשה, דריקט זיך רבי יונתן פּראָגער אויס פיעל דייטליכער און זאָגט אזוי:

„והנה כבר כתבנו, כי ושתי הי' כחזיר כשר ברגלה ומכ"ש שנאה כן לבני ישראל לשמור רגלם ללכת למקום נשים או מקום מורגל ומוכשר לדבר עבירה, ומכ"ש למקום שקורין שויאשפיל, קאמעדיע, אפרייא, המשחקים שם על טעאטרום. שזה אמרו חז"ל: במושב לצים לא ישב אלו בתי טעאטרום והיינו מקומות הנ"ל ששוחקים הקאמעדיאנטען על טעאטרום. אוי לנו, איך מלאו לבכם לאמר תהלים „אשרי האיש אשר לא הלך וכו'" ואתם הולכים ותשבו במקום מושב לצים הנ"ל*)."

דאָס הייסט, מיר האָבען שוין לאַנג געשריבען, אז ושתי איז געווען ווי א חזיר וואָס האָט כשר'ע פיס, און א פּשיטא שוין דאַרפען זיך אידישע קינדער היטען ניט צו געהן אין א פּלאַץ פון ווייבער אָדער אין א פּלאַץ וואָס איז בעשטימט פאַר זינד, און א פּשיטא שוין אין א פּלאַץ, וואָס מען רופט „שויאשפּיל", „קאָמעדיע", „אָפּערא", וואו מען שפּיעלט אין א טהעאַטער. און דערויף האָבען די חכמים געזאָגט: דער מושב לצים פון תהלים איז געמיינט אויף טהעאַטערע און אזעלכע פּלעצער, וואו קאָמעדיאַנטען שפּיעלען אויף א ביהנע. וויה צו אונז, ווי אזוי וואָגט איהר צו זאָגען אין תהלים: „במושב לצים לא ישב" און איהר זיצט צווישען לצים אין א טהעאַטער.

פון הורדוס'ס צייטען ביז דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט איז קיין ענדערונג ניט פאָרגעקומען אין דעם אידישען בליק אויף טהעאַטער. נאָר פון דעם אויסגערעכענטען צעטיל: „שווישפּיעל", „קאָמעדיע", „אָפּערא" איז צו זעהן, אז דאָס פּורים שפּיעל איז דערפון ניט געטראָפען.

און טאַקע דאָס פּורים שפּיעל, אויב עס האָט זיך ווייטער ניט ענטוויקעלט, איז נאָך לאַנג, לאַנג, כמעט ביז שפּעט אין דער צווייטער העלפט פון דעם נייּנצעהנטען יאָהרהונדערט געבליבען די איינציגע דראַמאַטישע אונטערהאַלטונג ביי אידען.

* * *

אין דער צווייטער העלפט פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד די השכלה בעוועגונג. קיינער וועט ניט חושד זיין די משכילים פון מענדעלזאָהנ'ס חדר, אז זיי האָבען געשטרעבט צו שאַפען א אידישע נאַציאָנאַלע דראַמע אָדער, וואָס איז נאָך ווייטלויפיגער, א אידישען טהעאַטער פאַר'ן פאָלק. די משכילים האָבען געהאַט א פעראַכטונג און האָס צו אידיש, דאָס הייסט מאַמע-לשון. דאָס זיינען געווען די משכילים וואָס האָבען א נאָמען געגעבען אונזער מאַמע-לשון זשאַרגאָן, און דער דאָזיגער נאָמען איז אזוי אריין צווישען דער מעהר אָדער ווייניגער אידישער אינטעליגענץ, אז אפילו פּערקאָכטע אידישיסטען, וואָס האָבען נאָך קיין נאָמען ניט געהאַט פאַר דעם נייעם איזם, האָבען איהם געברויכט צו בעצייכענען אידיש, פערשטעהט זיך, ניט מיינענדיג דערביי קיין בעליידיגונג פאַר'ן מאַמע-לשון. און דאָך זיינען דאָס געווען די משכילים וואָס האָבען געמאַכט דעם וועג פאַר'ן אידישען טהעאַטער אויף דער אידישער גאַס.

גלייך ביים אָנהויב פון דער השכלה האָבען זיך בעוויזען א גאַנצע פּלעיאַדע שרייבער, וואָס האָבען זיך גענומען מיט חשק צו דער דראַמע. זיי, ווי די פריהערדיגע העברעאישע דיכטער, האָבען אין דער דראַמע נור געזעהן א נייע פאָרם פון ליטעראַטור, און עס איז שווער צו בעמערקען, וואָס איז געווען דער הויפּט-מאָטיוו, די הויפּט כונה ביים נעהמען זיך צו דער דראַמע; צי זיי האָבען געשטרעבט רייכער צו מאַכען די העברעאישע ליטעראַטור, צי זיי האָבען געוואָלט באַקענען די העברעאישע לעזער מיט א מין קונסט, וואָס איז זיי כמעט פרעמד געווען. נור וואָס די כונה איז ניט געווען, דערווייל האָבען זיך געוויזען מאָדערנע דראַמען אין א שפּראַך, וואָס איז געווען נאָהענט צום בית המדרש'ניק, און דער משכיל און אַלע וואָס האָבען פערשטאַנען העברעאיש האָבען געקריגען א געלעגענהייט צו באַקענען זיך מיט זיי.

דער ערשטער פון דער דאָזיגער עפּאָכע איז געווען דוד פראַנקאָ מענדעס (געבאָרען 1713—געשטאָרבען 1792). ער האָט געשאַפען צוויי דראַמעס. „גמול עתליה" און „תשועת ישראל בידי יהודית". די ביידע ווערק זיינען ניט קיין אָריגינעלע, נור אויך ניט קיין פּשוט'ע איבערזעצונגען. פון עתליה האָט דער בעריהמ־

*) יערות דבש, חלק ב', דרשת ט' אדר.

טער פראַנצויזישער דראַמאַטורג ראַסין געמאַכט א טראַגעדיע, און מענדעס האָט די דאָזיגע דראַמע געהאַט פאַר די אויגען, ווי אויך א דראַמע געשריעבען פון דעם בעוואוסטען איטאַליענישען דיכטער פיעטראָ אַנטאָניאָ דאָמעניקאָ באָנאַווענטורא טראַפּאַסי, וועלכער איז בעקאַנט אונטער׳ן פּסעוודאָנים מעטאַסטאַסיאָ. „תשועת ישראל בידי יהודית“ איז אויך א בעאַרבייטונג נאָך מעטאַסטאַסיאָ און איז א דראַמאַטישע געדיכט אין צוויי אָבטיילונגען. אין 1786 האָט מענדעל ברעסלא ארויסגעגעבען דאָס אַלעגאָרישע דראַמאַטישע ווערק „ילדות ובחרות“; אין 1791 האָט שמואל חומאנעלי אָנגעשריעבען די מעלאָדראַמע „הקולות יחדלון“, און אין די קומענדע פיער יאָהר זיינען געשאַפען געוואָרען „מלוכת שאול“ — ביבלישע דראַמע אין 6 בילדער פון יוסף טרעפּלאַוויטש, „מלחמה בשלום“ פון חיים אברהם בן אריה, „אסתר“ (נאָך ראַסינ׳ס) פון יוסף האַלטערן.

פון דער צייט אָן זיינען דראַמען אין העברעאיש, סיי איבערזעצטע, סיי אדאַפּטירטע און סיי אָריגינעלע, געוואָרען א גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג. עס איז כמעט דער יאָהר ניט אריבער, אז עפּעס א דראַמע זאָל ניט געשאַפען ווערען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און א צייט לאַנג איז דער דאָזיגער צווייג געווען א סך רייכער און וויכטיגער ווי דער בעלעטריסטישער.

די העברעאישע דראַמע האָט זיך ניט געדאַרפט רעכענען מיט קיין טהעאַטער און ניט געדאַרפט האָבען אין זינען קיין גאַליאָרקע, און זי האָט זיך דאריבער געקאָנט פערגינען צו זיין מעהר ליטעראַריש.

מיר האָבען שוין געזעהן, אז גאָר די ערשטע דראַמען אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה זיינען געווען געשאַפען נאָך דעם בעסטען מוסטער פון דער וועלט ביהנע. ראַסין פערנעהמט אין פראַנקרייך דעם אויבען אָן אין טראַגעדיע, ער איז דער פראַנצויזישער קלאַסיקער אויף דער ביהנע און זיינע ביבלישע טראַגעדיעס וואָס זיינען איבערזעצט אָדער אדאַפּטירט געוואָרען אין העברעאיש זיינען אמת׳ע פערלען.

אויב די ערשטע צייט זיינען איבערזעצט אָדער אדאַפּטירט געוואָרען נור אזעלכע דראַמען, וואָס האָבען געהאַט א דירעקטען שייכות מיט אידען, האָט מען שפּעטער אויפגעהערט מקפּיד צו זיין דערויף, און מען האָט איבערזעצט פיעלע פון די בעסטע וועלט־דראַמען אין דער שפּראַך פון די נביאים. אזוי זיינען איבערזעצט געוואָרען עטליכע דראַמען פון שעקספּיר, געטהע׳ס פאַוסט און דאָס גלייכען.

אזוי זעהען מיר, אז אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה איז געשאַפען געוואָרען א גאַנצע דראַמאַטישע ליטעראַטור אין העברעאיש אין דעם משך פון דריי דורות, און אויב דאָס האָט אַלץ קיין טהעאַטער ניט געשאַפען, איז אַלץ מעהר און מעהר אויסגעטראָטען געוואָרען א וועג פאַר דראַמאַטישער קונסט.

אָבער די השכלה בעוועגונג האָט געטהאָן א סך מעהר. זי האָט געשאַפען די סביבה, די בעדינגונגען, אין וועלכע א טהעאַטער זאָל קאָנען עקזיסטירען, די פאָדערונג אויף אַזאַ אונטערהאַלטונג, וואָס מען קאָן געפינען אין א טהעאַטער, און אליין געליפערט דעם מאַטעריאַל, אָהן וועלכען א אידישע ביהנע האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין.

דאָס איז איינער פון די מעהרערע פּאראַדאָקסען פון השכלה.

א טהעאַטער קאָן געשאַפען ווערען און עקזיסטירען נור דאַן, ווען עס האָט אַלע דריי נויטיגע יסודות, און די דאָזיגע יסודות זיינען: א פּובליקום, דראַמאַטורגען און אַקטיאָרען. ווען עס פעהלט איין יסוד פון די צוויי, קאָן קיין טהעאַטער ניט געמאָלט זיין.

ביי דער השכלה האָבען מיר אַזאַ פּובליקום ניט געהאַט. די אידען, וואָס האָבען געלעקט די פינגער פון א פּורים שפּיעלער זיינען פאַר קיין טהעאַטער ניט געשאַפען געוואָרען. ווייטער פון דעם פּורים־שפּיעלער האָבען זיי ניט געקאָנט געהן. עס האָט זיך געפאָדערט א גאַנצע ענדערונג אין דעם אידישען בליק אויפ׳ן לעבען, אז אידען זאָלען קאָנען ווערען טהעאַטער־געהער. עס האָבען פריהער געדאַרפט געשאַפען ווערען פאָדערונגען אויף עולם־הזה׳דיגע פערגעניגענס און עס האָט זיך פריהער געדאַרפט דערוועקען א דורשט צו געניסען פון לעבען, איידער א טהעאַטער זאָל זיך קאָנען ווייזען צווישען אידען.

מיט דעם אַלטען בליק, מיט דער אַלטער פילאָזאָפיע, אז די וועלט איז נור א פּרוזדור, און דער אמת׳ער גליק איז גאָר אויף יענער וועלט, האָבען עולם־הזה׳דיגע פערגניגענס געקאָנט האָבען א פּנים פון הבל הבלים. די השכלה האָט געמאַכט אן איבערקעהרעניס אין דער דאָזיגער פילאָזאָפיע. זי האָט אָבגערוקט צום הינטערגרונד י ע נ ע וועלט מיט איהרע גליקען און מעהר ארויסגערוקט צום פראָנט ד י וועלט מיט איהרע מענשליכע פערגניגענס און גענוסען. דער לאָזונג פון השכלה איז ניט נור געווען: „זיי א מענש אין דרויסען“, נור—„לעב ווי א מענש סיי אין שטוב און סיי אין דרויסען“. אַלע היתרים וואָס די משכילים האָבען אָבגעזוכט, האָבען געשטרעבט צו מאַכען בעסער, שעהנער, אנגענעהמער און פערגניגענדער דאָס לעבען. די השכלה האָט געוועקט פרויען ליעבע אין דעם אידענ׳ס אָבגעשטאָרבענעם הארצען, האָט געעפענט זיינע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגען צו שעהנקייט און געטורקעט איהם אין אויער: „מה נאה אילן זה“. די השכלה איז

ארויסגעקומען מיט א פילאָזאָפישע שיטה, וואָס איז געווען פונקט דער היפך פון יענע, וועלכע האָט גייסטיג געשפייזט אידען אין א משך פון איבער צוויי טויזענד יאָהר, ניט נור דורך דעם גאַנצען לאַנגען וועג פון גלות, נור אויך צייט זיי האָבען פערלאָרען זייער אונאַבהענגיגקייט.

דערפון דארף מען בשום אופן ניט דרינגען, אז אידען זיינען שטענדיג ארומגעגאַנגען מיט פערגלאָצטע אויגען, אָדער זיי האָבען זייערע אויגען אויסגעקוקט אויפ'ן מלאך המות. ווען אידען האָבען זיך דערפיהלט רוהיגער פון זייערע רדיפות און זייער מאַטעריעלע לאַגע איז פערבעסערט געוואָרען, האָבען זיי, ווי אַלע אַנדערע מענשען, געזוכט פערגניגענס.

מיט'ן דראַנג פון השכלה זיינען געקומען די פאָדערונגען אויף עולם־הזה'דיגע פערגניגענס און דער דורשט צו געניסען פון לעבען האָט זיך ארויסגעוויזען אויף פערשיעדענע דרכים, אויף אַלערליי אופנים, און אזוי ווי דער דאָזיגער טריעב איז געשאַפען געוואָרען ניט דורך אידישע מיטלען, האָט מען אַלץ וועניגער און וועניגער אָנגעהויבען מקפיד צו זיין, צי די פערגניגענס זיינען אין דעם אידישען גייסט צי ניט.

אויפ'ן שוים פון השכלה האָט זיך ערצויגען א נייער דור, וואָס מען האָט אין די געהטאָ'ס פריהער ניט געזעהן. די פנים חדשות זיינען ניט נור געווען משכילים, וואָס האָבען דערזעהען דאָס ליכט פון מערב אייראָפּאַ, ניט נור ישיבה בחורים וואָס האָבען ערשט פערמאַכט די גמרא און אָהן א היטעל א ברכה געמאַכט אויף א חלב'ענע ליכטעל, נור אויך קיילעכדיגע עם הארצים, וועלכע האָבען קיין שום היתרים ניט געזוכט און האָבען זיך מיט פערגניגען געלאָזט געהן מיט'ן נייען שטראָם.

און דאָס איז ווידער איינער פון די פאַראַדאָקסען פון השכלה, וואָס מיט איהר דראַנג האָט זיך פערשפרייט עם הארצ'עס אין געוויסע קרייזען צווישען אידען. הגם דאָס קלינגט המצאה'דיג, איז דאָך ניט שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי אזאַ ערשיינונג איז געוואָרען מעגליך. פריהער איז יעדער אידישער אינגעל געגאַנגען אין חדר, און אויב ניט קיין תורה האָט ער לכל הפחות עברי זיך אויסגעלערענט. איז ער אויסגעוואַקסען א בחור, איז ער אין קלויז געגאַנגען אָדער אין בית המדרש און האָט געדאַווענט, תהלים געזאָגט, און דאָס ביסעלע וואָס ער האָט אין חדר גענאַשט האָט ער ניט נור ניט פערגעסען, נור פערקעהרט, ער איז דערין געוואָרען מעהר בעהאַווענט. יעדער האָט אזוי געטהאָן. מיט דער פערשפרייטונג פון השכלה האָט זיך אין די גרויסע שטעדט בעוויזען א מין הפקרות. דער פריהערדיגער אויטאָריטעט, וואָס האָט אַלעמען געהאַלטען אין שפּאַן, האָט גע־פלאַצט. קהל האָט שוין מעהר קיין דעה ניט געהאַט איבער'ן יחיד, און אז אינגלעך, בחורים, יונגעלייט האָבען זיך פערקוקט אויף די געבילדעטע און ניט געוואָלט געהן אין קלויז, אין בית המדרש, אין שוהל, האָט זיי קיינער גאָרניט געקאָנט זאָגען. און דאָס ביסעלע, וואָס זיי האָבען קוים מיט צרות אויסגעלערענט, האָבען זיי אין גיכען פערגעסען און איז אין גאַנצען פון קאָפּ ארויסגעגאַנגען.

אָט דער דאָזיגער עלעמענט, וואָס איז געווען ניט צו גאָט און ניט צו לייט, האָט מיט זיין אויפהערען צו געהן אין קלויז, פערלאָרען א בעפריעדיגונג פאַר דער נשמה יתירה. דער טאַטע, דער זיידע האָבען געהאַט אזאַ גייסטיגע בעפריעדיגונג. אויב זיי האָבען אליין לערנען ניט געקאָנט, איז דער תהלים מיט זיין גאַנצער השתפכות הנפש געווען אָפען פאַר זיי. שבת ביי טאָג און בין מנחה למעריב אין דער וואָכען האָבען זיי עין יעקב געהערט, נאָכ'ן דאַווענען האָבען זיי געקאָנט אריינמישען זיך אין א שמועס וועגען הויכע און וואָכעדיגע ענינים און פערגעסען אויף א ווײלע די וויסטע ארבייט ביים וואַרסטאַט אָדער די זאָרגען פון פרנסה. אָבער דער נייער עלעמענט האָט די דאָזיגע בעפריעדיגונג פערלאָרען, און ער האָט געמוזט זוכען אַנדערע תענוגים אין זיין לעדיגע צייט.

פאַר אזעלכע מענשען איז די אונטערהאַלטונג פון א טהעאַטער ווי געוואונשען, אָבער דערצו פאָדערט זיך, אז זיי זאָלען גוט פערדיענען און זייער צאָהל זאָל זיין א גרויסע. פאַר א קלייזעל איז געווען גענוג א פּאָאר מנינים אידען, תהילים זאָגען און עין יעקב הערען האָט כמעט גאָר ניט געקאָסט, אָבער טהעאַטער איז פערבונדען מיט א הוצאה און א גרויסע הוצאה, און אויסהאַלטען א טהעאַטער איז א גרויסע הכבדה, און דאָס קאָן נור דערוויזען ווערען, ווען דער גרעסטער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג אין א גרויסער שטאָדט ווייזט ארויס דערצו א פאָדערונג און די פאָדערונג איז זעהר א גרויסע.

דאָס האָט ניט געקאָנט געטהאָן ווערען אין א קורצען משך. עס האָבען זיך געפאָדערט צעהנדליגע און צעהנדליגע יאָהרען, איידער אזאַ פובליקום האָט געקאָנט געשאַפען ווערען.

און נאָך איידער די השכלה האָט געשאַפען דאָס נויטיגע פובליקום פאַר א אידישען טהעאַטער, האָט זי געגען איהר ווילען גענומען ארויסרוקען שאַפענדע קרעפטען פאַר דער אידישער ביהנע. עס איז כמעט א המצאה, אז די ערשטע אידישע מאָדערנע קאָמעדיע, אין וועלכער עס איז געמאַכט געוואָרען א פערזוך צו שילדערען דאָס מאָדערנע אידישע לעבען, איז געשריעבען געוואָרען פון איינעם פון די גרעסטע זיילען פון דער השכלה.

אלטער עפשטיין

דער טיקעט-אגענט

— מיר האָבען די עהרע אייך צו מעלדען, אז איהר זענט אָנגענומען געוואָרען פון דער קאָמפּאניע אלס אנגעשטעלטער און איהר זענט אויפגעפאָדערט צו קומען אויף אייער פּאָסטען מאָרגען, זיעבען אוהר פאַר מיטאג.

איך האָב זיך באמת שטאַרק דערפרעהט. פיער מאָנאַט אָהן ארבייט בין איך ארומגעגאַנגען. איך האָב זיך שוין געהאַט מיאש געווען אין גאַנצען; האָב זיך אליין באשולדיגט, בין געווען זיכער, אז אַזאַ שלים־מזל איז נאָך אויף דער וועלט ניטאָ, אז איך טויג פאַר קיינעם ניט, טויג צו קיין זאַך ניט און, פלוצלים, אַזאַ בשורה: איהר זיינט אָנגענומען! — מיר האָט זיך געדאַכט, אז די זון האָט ליכטיגער גענומען שיינען. איך האָב שוין געהאַט אין זינן ארייַנצולויפען צו דער מיסעס, אָנזאָגען איהר די שמחה. נאָר איך האָב זיך באַטראַכט — זאָל זיין דערווייל. אז איך וועל ברייַנגען די מזומנים, דאַן וועל איך עס טהאָן. אָה! אז איך וועל דאָס אריינקומען מיט די געלד אין האַנד און אין נייעם בליסטשענדען מונדיר!... זי וועט קריעגען פאַר מיר דרך ארץ. שוין א יאָהר צוואַנציג אין אמעריקא די אלטע און איצט נאָך, אז זי דערזעהט א „גאַרדאַוואַי“, ווערט איהר קאַלט אין אַלע גליעדער. איך בין זיכער, אז איך וועל איהר געפעלען. און עס קאָן נאָך זיין אז אויך זי, ראָזי... נור דאָס איז שוין נאַרישקייט; אַזוי גליקליך זיין, דאָס איז שוין צופיעל.

די נייע שטעלע איז געווען ווי אָנגעמאָסטען, ווי בעשאַפען פון ששת ימי בראשית נאָר פאַר מיר. צוועלף שטונדען אין טאָג זיין אליין איינגעשפּארט אין א קליין קאַמערל, איינער אליין, און די גאַנצע ארבייט בעשטעהט אין געבען פארבייגעהער דורך א קליין פענסטערל אזוינע טיקעטלאַך. נאָך פיער חדשים ארומגעהן איבער די גאַסען, זיך רייבען צווישען א געדיכטען עולם אין אַן אייביגען געפילדער, הוזשעריי, — און מיט א מאָל פאַל איך אריין אין אַזאַ נחת׳דיגע איינזאַמקייט! ווי איך האָב דאָס געבענקט נאָך איינזאַמקייט!

ווי אָפט האָב איך געבעטען ביים מזל ער זאָל מאַכען אזוי, איך זאָל מגולגל ווערען אין א רוסישען רעוואָלוציאָנער, מען זאָל מיך פאַקען און פארשפארען ערגעץ וואו אין א קאַזע־מאַט. מען דערצעהלט דאָך אז עס זיינען דאָ גליקליכע ווינקעלאַך אזוינע, וואו מען מאַכט אז מען זאָל ניט הערען ניט נור יענעמס טריט, נאָר אפילו די אייגענע. איך וואָלט דאָך אַלעס אַוועקגעגעבען צו קאָנען זיין אזא גליקליכער און איצט, גאָר אונגעריכט, בין איך מיר א גראַף, אָפּגעצאַהמט פאַר זיך אין א ווינקעלע. צוועלף שטונדען אין טאָג פיהל איך זיך אליין, גאַנץ אליין.

איך בין אליין, אָבער שטיל איז דאָך ניט. צוועלף שטונדען אין טאָג רינגעלט מיך ארום א קלאַפּעריי פון מענשליכע טריט; א וועלט א גאַנצע מיט מענשליכע טריט. מען געהט אָהן אן אויפהער; אָפט דאַכט זיך מיר, אז איך הער די טריט פון א פארביי־מאַשירענדען חיל. פולקען, מחנות גאַנצע געהן זיי, איינגעשלאָסענע, איינע אין די אנדערע, טראָגען זיי זיך ערגעץ־וואו, שטומשווייגענד. מיך אַרט עס ניט; איך זיטץ זיך מיר אין מיין איינזאמען שלאָס ווי אן איינגעשלאָסענער ריטער אין זיין פעסטונג. קיינער זעהט מיך ניט, קיינער הערט מיך ניט.

די ארבייט מיינע איז א לייכטע, א שפּאַס, ניט קיין אַרבייט. מיר קומט ניט אוים אָנצווענדען דאָס מינדעסטע ביסעל ענערגי, קיין ביסעלע אפילו ניט. איך שטעה אָדער איך זיטץ ביי א קליין קייַלעכדיג פענסטערעל, האַלט נעבען זיך א גאַנצען פאַק מיט טיקעטלאַך און מיין ארבייט איז, אז שטענדיג זאָל ליעגען אויפ׳ן ברעטעל, וואָס איז אָנגעשלאגען פון יענער זייט פענסטערעל, א טיקעט. ווי באַלד איך זעה נאָר, אז דער טיקעטל איז פארשוואונדען, מוז איך אַוועקלייגען א צווייטען. אמת, לאַנג ליעגט ניט דער טיקעטל אויפ׳ן ברעטעל, ווי נאָר איך לייג איהם אוועק, ווערט ער ניט, און איך דאַרף לייגען א צווייטען.

די ערשטע צייט איז מיר אויסגעקומען ניט אזוי לייכט. די פינגער מיינע פלעגען זיך ניט בייגען אזוי שנעל; עס פלעגט זיך מאַכען אז עפּעס פלעגט זיך פארטשעפען און עס פלעגט א קליין ווייַלע, טאַקע נור א מאָמענט, זיך פארהאַלטען. דאַן פלעגען די טריט אנשוויגען ווערען. מיר פלעגט זיך אויסווייזען, אז איך זעה די

פאַרקרימטע פאַר כעס פּנימ'ער אויף יענער זייט ווענטעל, אַז אָט אָט ברעכט אויס אַ שטורם פון צאָרען־געשריי. איך פלעג אַ פאַרציטערטער ווערען. נאָר באַלד פלעגט זיך די אַרבייט געהען איהר וועג: די טריט פלעגען זיך וויעדער נעהמען הערען אָהן אַן אויפהער, אָהן אַ ברעג.

וואָס ווייטער בין איך אַלץ מעהר צוגעוואָהנט געוואָרען. איך בין אַריין אין מיין ראָלע. די הענד מיינע האָבען זיך אויסגעאַרבייט — פלינק, בייגזאַם כאַפּען די פינגער מיינע אַ טיקעטל, גיעבען איהם אַ לייכטען שטויס און ער לייגט זיך אויף זיין באַשטימטען פּלאַטץ. געפיהלט האָב איך זיך גאַנץ געמיטליך, רוהיג, שטענדיג ווי אין אַ לייכטען דרעמעל. דאָס איז געקומען פון דעם, וואָס צו מיר פלעגט אַריינקומען ווענּיג ליכט. אויבען ערגעץ איז געוועזן אַ קליין פענסטערל, אַ פאַרזשאַווערטער, מיט שטויב און פּאוטיניע באַדעקטער פענסטערל. דאָס איז געוועזן מיין איינציגער ליכט־פאַרזאָרגער. ניט פיעל ליכט פלעג איך האָבען. קאַרג, שפּאָרזאַם פלעגען אַריינדרינגען צו מיר די ליכט־שטראַהלען, און אַזוינע מאַטע טויטע פלעגען זיי זיין. און ווי ס'זאָל ניט זיין ליכטיג אויפ'ן גאַס, ווי בלענדענד, גלאַנצענד די זון זאָל ניט שיינען, ביי מיר אין צימערעל איז אַלע מאָל געוועזן איינע און די זעלבע האַלב־דונקעלהייט, ווי אין אַ רעגענדיגען טרויעריגען הערבסט טאָג. אָט די דונקעלהייט האָט מיך שטענדיג געהאַלטען אין אַ צושטאַנד פון פאַרשלאָפענהייט. די געדאַנקען האָבען זיך פויל קריכענדיג געוועבט אָהן אַ טאָלק און אָהן אַ סדר, פויל קריכענדיג פלעגט אַמאָל אַרויסשווימען אין זכרון אַ בילד פון דער פאַרגאַנגענער צייט — וועגען וואַלד־גרינס און פייגעל־געזאַנג. נאָר דאָס האָט זיך דאָ אויף דעם פּלאַטץ אַזוי ניט געפּאַסט, אַז איך פלעג מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע זיך אַליין אָנרופען „שוטה".

אַהיים פלעג איך קומען, אַזוי ווי איך וואָלט זיך איצט ערשט אויסגעטשוכעט פון אַ טיעפען שלאָף, אַ פרישער, אַ מונטערער. איך פלעג באַקומען אַ שטאַרקען חשק זיך צו באַוועגען, צו דרעהען זיך, צו טאַנצען. מיר פלעגט זיך שטאַרק וועלען ריידען, דערצעהלען, שפּאַסען. נאָר אין מיין חדר'ל בין איך געוועזן שטענדיג אַליין. און אין הויז צו מיינע בעלי־בתים פלעג איך זיך שעהמען אַריין־צוגעהן. אין דער אמת'ן, וואָס בין איך מיט זיי פאַר מחותנים? כאָטש באַמערקט האָב איך, אַז פאַר דער לעצטער צייט איז מיין מיסעס צו מיר געוואָרען גוט, שטאַרק צוגעלאָזט, איבערהויפּט, זינט איך האָב איהר באַצאָהלט די דירה־געלד און איך האָב זיך אָנגעטהאָן אין מיין נייעם מונדיר מיט די מעשענע קנעפּ. אַז זי האָט מיר דאָס ערשטע מאָל דערזעהן אין די נייע בגדים, האָט זי אַזש אויסגעשריען פון ענטציקונג: „אַ מאָנאַרך, ווי איהר זעהט מיך אַ אידישע טאָכטער!" אין דער אמת'ן, האָט מיר טאַקע דער מונדיר מיינער געקליידט, געמאַכט פאַר אַ גאַנצען לייט. ערשט איצט האָב איך דערזעהן, אַז מיין פיגור איז גאָר ניט אַזוי שלעכט ווי מען זאָגט. איך שטעה מיר פאַר'ן שפּיגעל, קוק זיך איין אין מיין בלאַסע געזיכט מיט די גרויסע שוואַרצע אויגען — אויף אַן אמת אַ שעהנער יונג!

נאָך אַ שטיקעל פרייד האָב איך פאַר דער לעצטער צייט. אָפט מאָל כאַפּ איך אויף זיך אָנגעשטעלט אַ פּאָר קאַרע גרויסע גלאַנצענדע אויגען. דאָס מאַכט מיר קלאַפּען די האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז אָפט מאָל מוז איך מיט'ן האַנד צודריקען די ברוסט, זי זאָל ניט אַרויסשפּרינגען די האַרץ מיינע. דאָס קוקט זי אויף מיר, דער מיסעס טאָכטער. ראָזי רופט מען איהר. אַ בלאָנדע מיט רויטע בעקלאַך, אַ יונגע שעהנהייט, וואָס שטענדיג אַז איך קוק אויף איהר, דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה איהר נאָך ניט גוט גענוג, אַז זי איז אַרומגעוויקעלט מיט אַ שלייער, מיט אַ לייכטען טהוי, און מיין אויג קאָן ניט רעכט דורכדרינגען, זיך איינקוקען אין איהר.

אויף מיין שטעלע פיהל איך זיך גוט, שוין צוליעב דעם אַליין וואָס איך האָב זיך איינגעוואָהנט. אָפט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך בין דאָ געבאָרען, ערצויגען געוואָרען. איך האָב מיט קיינעם ניט צו טהאָן, קיינער בעאונרוהיגט מיך ניט, קיינער מישט זיך ניט אין מיין אַרבייט. מיר קומט כמעט קיין מאָל מיט קיינעם ניט אויס צו ריידען אַ וואָרט, און מאַכט זיך אַ מאָל, אַז ווער ניט איז פון יענער זייט ווענטעל ווענדעט זיך צו מיר מיט אַ פראַגע, זאָגט מיר וואָס ניט איז, איז דאָס אַ גאַנצע פּאַסירונג אין מיין טאָג אַרבייט. דאָס רעגט מיך אויף, בעאונרוהיגט מיך, שלאָגט מיך אַרויס פון דער געוועהנליכער רוהיגער שטימונג. אַז איך קום זיעבען אוהר צו דער אַרבייט, און מיר קומט אויס זיך צו טרעפען מיט דעם, וואָס איז געזעסען די נאַכט דאָ אויפ'ן זעלבען אָרט, אויפ'ן זעלבען ביינקעל, באַגריסען מיר זיך ניט מיט ווערטער, הערען מיר ניט איינער דעם אַנדערנס שטימען, ווייל וואָס קאָן זאָגען אַ מענש, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט אַזוי אָפּגעזעסען פאַרגליווערט אויף איין אָרט, ווען דער נאַכט־שלאָף האָט ווי בליי, ווי שווערע בליי, געדריקט דעם קאָפּ אַראָפּ צום ברוסט, אַז די אויגען האָבען אָהן אויפהער זיך געקלעפּט. וואָס קאָן אזא מענש ריידען? מיר פלעגט זיך דאַכטען, אַז איך זעה פאַר זיך ניט קיין לעבעדיגען מענשען, נאָר אַ מאַסקע אויף צוויי פיס, אָהן אַ וועלכען ניט איז אויסדרוק אויפ'ן געזיכט, אָהן אַ צייכען פון

לעבען און געדאנקען. און שטיל ווי א רויך פלעגט ער פארשווינדען פון מיין אויג, ניט איבערלאזענדיג קיין צייכען, קיין שום איינדרוק.

די לעצטע צייט האט מיך גענומען באונרוהיגען א מאדנע ערשיינונג. איך האב אנגעפאנגען ווערען צוליעב דעם נערוועז, זיך אפט צו פערטראכטען און אומעטיג ווערען. אט ווי דאס האט פאסירט.

איין מאל ווענדעט זיך צו מיר די מיסעס מיינע און זאגט :

— זעה וואס איז מיט דיר ? וואס ביסטו עפעס אזוי בלייך ?

— איך בלייך ? — זאג איך מיט שפאס — ווען האט איהר מיר דען געזעהן א רויטען ? וואס בין איך דען א פאניע ? איך בין א איד, בין איך בלייך.

— גאר א נייעס, אז א איד איז וואס ? זאל איך דאס פארמאגען, וואס עס זיינען דא רויטע און געזונטע אידען.

יע, איך בין בלייך, אזוי בלייך, אז איך האב שוין דאס אליין אויך באמערקט. פיעל בלייכער ווי דענסטמאל ווען איך בין ארומגעגאנגען אין די גאסען און געשטארבען פאר הונגער.

נאר דאס וואלט מיך ניט געארט. זאל זיין בלייך. פארקעהרט, א מאל דאכט זיך מיר, אז אזוי איז שעהנער, בין אינטערעסאנטער. עפעס ליעגט אויף מיר אויסגעגאסען א מין איידעלקייט, אינטעלעגענץ. איז אבער די צרה, וואס אויסער די בלאסקייט, ליעגט אויף מיין פנים אויסגעגאסען א בעזונדער מין אויסדרוק. וואס דאס איז אזוינס, ווייס איך ניט. איך שטעה אין שפיעגעל און בעטראכט זיך און שטעל זיך אליין די פראגע : וואס איז דאס אזוינס ? א מאל, כאטש איך בין ניט קיין גרויסהאלטער, האב איך געוואוסט, אז מיין פנים דריקט אויס קלוגהייט, א ביסעלע, א קליין ביסעלע ביטרעקייט, אין די ווינקלען פון מיין מויל ליגען בעהאלטען אזוינע קנייטשעלאך, וואס דריקען אויס שטאלץ, און די אויגען מיינע האבען געהאט דעם כח אפצובריהען. דאס האבען מיר א פאר דאמען א מאל אליין זיך מודה געווען. און איצט איז דאס אלעס ווי פארשוואונדען, אפגעווישט געווארען. אויף'ן ארט פון דעם אלעם ליעגט אויסגעגאסען א קאלטקייט. איך קוק אויף דעם און מיר דאכט, אז איך זעה מיין אייגענעם פנים ווי דורך אייז, ווי דורך א פראסט־טהוי.

בין איך קראנק ? ניין, איך בין פאלקאם געזונד. זארג ? וויעדער ניט. פארקעהרט, אזוי רוהיג אין אלע הינזיכטען האב איך נאך קיין מאל ניט געלעבט. בין מיט אלעם באזארגט, עס פעהלט מיר קיין זאך ניט.

די געדאנקען האבען אנגעהייבען פארנעהמען ביי מיר א גרויסען ארט. איך האב אנגעהויבען פיהלען, אז מיין איך, מיין אייגענע פערזאן, ווערט איבערגעאנדערשט, אז עפעס מאדנע זאכען האבען אויף מיר א ווירקונג, מאדנע גייסטער באהערשען מיך.

עס לויפט די צייט אויף מיין שטעלע זעהר שנעל. איך באמערק כמעט ניט די ענדערונגען אין דער צייט. אנגעקומען בין איך אין מיטען ווינטער, אין דער צייט פון פראסט און קעלט. איצט איז שוין זומער, אין מיטען זומער. איך האב אריבערגעשטופט דעם פריהלינג, עס איז אונבאמערקט אוועק די צייט פון אויפלעבונג און בליהונג. ביי מיר אין בודקע האט ניט געבליהט און ניט געפראהרען, שטענדיג די זעלבע היץ, די זעלבע קעלט. אלע מאל די זעלבע גראהע טויטע ליכט און דער רויש פון די טריט. איך בין אבער אזוי איינגעוואהנט צו דעם אלעם, אז זאל מיט א מאל אויפהערען דער גערויש פון די טריט, וואלט אויף מיר אנגעפאלען א פחד, ווייל אין דעם שטענדיגען קלאפען, אין דעם אייביגען טרעטען הער איך די רוהיגקייט. אין דעם שטיל־שווייגען פיהל איך אונרוהיגקייט, און מיר דאכט זיך דאן, אז ווער ניט איז לויערט אוןווארט — אט־אט וועט עס זיך ארויפווארפען. כל זמן עס רוישט, איז שטיל, און אז עס איז שטיל, רוישט עס און קאכט.

זעהר אפט בעפאלט מיך א שטארקער פערלאנג איינצוקוקען זיך אין די פנימ'ער פון די לייטע, וואס געהן דא פארביי. ווער זיינען זיי ? נו, גוט — ארבייטער, קרעמער, אבער ווער איז יעדער באזונדער פון זיי ? ווער איז דער איינצעלנער ? דער פארלאנג וואקסט אין מיר זעהר שנעל און מיט א שטארקער קראפט. א מאל מאכט זיך, אז מיר פארגלוסט זיך אזוי צו זעהן ווער ניט איז פון די, וואס טראגען זיך דא פארביי, אז איך ווארף זיך צו צום ווענטעל, דרינג אריין מיט די אויגען אין יעדער שפעלטעל, טאמער וועל איך ווער ניט איז דערזעהן, אפשר וועט ווער ניט איז פון זיי מיר דורכשיינען דורך די ברעטער און עס וועט זיך זעהן א מענשליכער פנים.

דער פערלאנג איז געוואקסען אין מיר אזוי, אז איך פלעג זיך קוים איינהאלטען ניט ארויסצושרייען, אויסצורופען הויך אויף'ן קול : ברידער, שוועסטער מיינע, וואס בעהאלט איהר זיך פון מיר ? איין סעקונדע נור, איין מינוט ווייזט זיך פאר מיר, איך וויל זעהן א מענשליכען פנים. פאר וואס פארשטויסט איהר מיך פון זיך ?

נאר ווען ארט עס פאר מיר ? איך בין זיך מיר אן איינזאמער געפאנגענער פרינץ,

פארביי מיר מאַרשירען פולקען גאַנצע, איינע אין איינע געשלאָסענע מחנות, פארביי מיר פאַראדירען זיי, לויפען, יאָגען זיך ערגעץ וואו.

מיט שטורעם קומען יעדע פאָר מינוטען אָן טריינס מיט פאַסאַזשירען. פון דעם רויש און קלאַפּעריי טרייסעלט זיך, שאָקעלט זיך מיין קליין שטיבעלע, ווי אַ כוואַליע גיט זיך אַ גאָס אַ נייער שטראָם מענשען, מיט חשק, מיט אַנגעשטרענגטער ענערגיע נעהם איך טהיילען די טיקעטלאַך, טהיילען, טהיילען, אָהן אַ ברעג.

אַ מאָדנע מיידעל ראָזי, אַן אייביגער אונרוה. שטענדיג דאָס שפּרינגט, לויפּט און טאַנצט, זי האַלט זיך אַזוי, ווי זי וואָלט זיך ערגעץ־וואו געאיילט, קיין צייט ניט געהאַט. אין דער אמת'ן אָבער זיטצט זי מעהרסטענס אין הויז. ווי אַ קליין באַבאַטשקע שפּרינגט עס ארום, דרעהט זיך אַרום, און נאָכאַנאַנד דאָס זינגט. שטענדיג טראָגט זיך איהר שטימע, א מאָל העכער, אַ מאָל נידריגער, אָבער שטענדיג איז די הויז אָנגעפילט מיט געזאַנג. פּלוצים אין רעכטען מיטען גיט עס אַ קוויטש, אַ גרילץ, אויף אַזאַ קינדעריש שטיפערשען אופן, אַז אַלץ ארום נעהמט מיטקוויטשען און מיטגרילצען. לאכט עס, לאכט די לופט אַרום; עס לאכען די ווענט. איך צוגים זיך פאַר געלעכטער, איך האַלט זיך קוים איין פון אַרויספּלאַצען הויך אויפ'ן קול.

אין וואסער אַ שטימונג איך זאָל ניט געווען זיין, ווער איך אַ בערוהיגטער, אַ געטרייסטער, נאָר איין זאַך מוז איך שטענדיג האָבען אין זינען: אַז זי זאָל ניט מערקען דאָס איך הער, אַז איך בין צופריעדען. קוים ווייז איך נאָר ארויס דעם מינדעסטען צייכען, אַז איך בין ענטציקט, אַז איך פרעה זיך, הערט זי באַלד אויף, ווערט זי אנטשוויגען, ווערט עס שטיל, טרויעריג; אין די אויערען נעהמט רוישען פון דער דריקענדער שטילקייט; איך ווער נערוועז; מיך בעפאַלט אַן אומעט און עס גלוסט זיך וויינען.

פאַר דער לעצטער צייט האָט די מיסעס מיך גענומען אויסמיידען. רעדט צו מיר זעהר זעלטען. און אַז זי רעדט שוין יע, איז נאָר וועגען מיין געזונד. שטענדיג איז זי בעזאָרגט וועגען מיין געזונד. נאָר דאָס איז ניט די זאָרג פון א געטרייען נאָהענטען מענשען, וואָס וואַרימט און לאַסטשעט. קאַלט איז מיר פון איהר זאָרג וועגען מיר, קאַלט און ניט אַנגענעהם.

— איהר האָט זיך באַדאַרפט צוזעהן אַבּיסעל, געהן שפּאַצירען. וואָס איז וואָס? אַ יונגער מאַן, קיין עין הרע ניט, האָט געמאַנט געהן אין טריאַטער אַריין. וואָס איז? א יונגער בחור, אַ גוטער פאַרדינער, מען מאַג אַ מאָל א שטיעף טהאָן. וואָס איז וואָס? א יונגער בחור קיין עין הרע...

אַזוי רעדט זי צו מיר, דרעהט מיט'ן צונג, נאָר איך זעה אַז זי מיינט דאָ עפּעס. איך דערקען אַן איהרע אויגען, אַז זי האָט אַ פאַרבאָרגענעם מיין.

נאָך אַזאַ געשפּרעך איז מיר שווער אויפ'ן האַרצען. עס ווערט מיר אומעטיג, און איך קאָן לאַנג ניט איינשלאָפען. עפּעס עגבערט מיר אין מח, איך פיהל זיך עלענד, פרעמד, און עס ווילט זיך וויינען . . .

פאַר דער לעצטער צייט באַמערק איך אין זיך אַ מאָדנע ענדערונג. איך קוק אויף אַ מענשליך פּנים בשעת ער רעדט צו מיר, איך קוק זיך גוט צו און זעה עפּעס גאָר ניט. דאָס הייסט, איך זעה יע דעם נאָז, די אויגען, דאָס מויל, נאָר איך זעה דאָס גאַנץ אַנדערס ווי אַ מאָל. דעם זעלבען אויסדרוק פון קאַלטקייט פון טויטקייט, וואָס איך זעה ביי זיך אין געזיכט, זעה איך אויך ביי אַלע אַנדערע.

ארום ראָזי'ס געזיכט האָט זיך נאָך ענגער צוזאַמענגעצויגען דער שלייער פון טהוי. איך קוק אַ מאָל אויף איהר: איהר פּנים בליסטשעט, עס שיינט, און מיר דאכט זיך דאָן, אַז שטראַהלען טראגען זיך פון דעם. נאָר דאָס איז קאַלט, דאָס איז דער שיין פון אייז, פון טויט. מאַסקעס, טויטע מאַסקעס רינגלען מיך אַרום.

א מאָל אין אָוועגד, פון געלעגער מיינעם, האָב איך אונטערגעהערט אַזאַ געשפּרעך צווישען דער מיסעס און ראָזין:

— האָסט זיך איינגערעדט נאַרישקייטען. גאָר א נייעס — ניט געזונד. ער איז נעבאָך פאַריאָגט, דערשלאָגען.

— ס'איז ניט קיין נאַרישקייט. איך זאָג דיר, אַז ער איז קראַנק. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין איהם. ער ווייזט אויס ווי אַ תם. אַז ער שטעלט אַן אויף מיר די אויגען, דערשרעק איך זיך. ס'ווילט זיך מיר ערגעץ־וואו בעהאַלטען; ער קוקט, קוקט אויף מיר און מיר דאכט אַז ער זעהט מיך ניט.

— הער אויף צו קלאַפּען מיט'ן צונג! הערסט אַן איינפאַל? ער קוקט און זעהט ניט. ווי קאָן דאָס קוקען א ניט־זעהענדיגער? ביזט אַ נאַרישע ציעג, ווייסט ניט וואָס דו רעדסט...

— איך וויים ניט וואָס איך רעד! אַז דו פערשטעהסט מיך ניט, קיין מאָל פערשטעהסט מיך ניט, וואָס איך זאָג דיר . . .

— נו, דו ביזט דאָך אַ געבאָלדעטע, אַ קליינינגקייט! דו פארשטעהסט דאָך אַלץ! די

מאַמע פאַרשטעהט דאָך גאָר ניט, אַז אַך און אַז וועה! האָט זיך איינגערעדט, ער איז קראַנק, זי קאָן איהם ניט אָנקוקען . . . וואָס מיינסטו, איך בין אין איהם פערליעבט, וואָס ער איז אַ שטילער מענש, צאָהלט זיין דירה־געלד צום מינוט? מען לייהעט נאָך אויס ביי איהם אַ פּאָר דאָלער, זאָל איך איהם געהן אַרויסטרייבען . . . הערסט, אַן איינפאַל?

— ס'טקריגען אַ באָרדער, מען קריגט די מציאות . . . אַזאַ וועסטו געווים קריגען, אַלע באַצאָהלען!

— אָבער וואָס האָסטו צו איהם? וואָס האָט ער דיר אַזוינס געטהאָן, וואָס דו האָסט איהם אַזוי פיינד?

— ער איז אַ משוגענער, איך האָב מורא פאַר איהם.

— צו מיינע שונאים'ס קעפּ! וואָס אַ מיידעל קאָן איינפאַלען: אַ משוגענער גאָר! ביזט אַליין משוגע! — אָט וואָס — און געה שלאָפען, הער מיר אויף צו דרעהען אַ ספּאַדעק.

גערעדט האָבען זיי מיט אַ האַלבער שטימע, ניט גאַנץ הויך, דאָך האָב איך געהערט יעדעס וואָרט.

איצט איז מיר מיט אַ מאָל קלאָהר געוואָרען אַלץ. איך האָב זיך אַלץ געטרייסט, אַז דער פעהלער ליגט ניט אין מיר, נאָר אין די, אויף וועמען איך קוק. אַ מענש האָט אַ ליימענעם פּנים, וואָס בין איך שולדיג? איצט איז מיר מיט אַ מאָל קלאָהר געוואָרען, אַז דער פעהלער ליגט אין מיר, איך האָב אויפגעהערט זעהן ווי עס בעדאַרף צו זיין, עפּעס זיינען מיינע אויגען קאַליע געוואָרען.

און אפשר איז ראָזי גערעכט. דער געדאַנק האָט מיך גענומען גריזשען, ווי אַ וואָרים, — האָט מיר אָנגעצונדען מיינע געהירען, האָט מיך געמאַכט שווינדלען. איך האָב דערפיהלט אַזוי ווי דער געלעגער מיינער וואָלט אויסגעבעט געוועזן מיט הייסע גליהענדע קוילען. דער אָטהעם האָט מיר פאַרכאַפּט, איך האָב דערפיהלט, אַז מיך שטיקט, מיר פעהלט אויס לופט.

איך ווייס די געפיהלען פון אַ געזונדען נאָרמאַלען מענשען, ווען ער זעהט אַ קראַנקען אַ משוגענעם. מיר זיינען זיי גוט באַקאַנט די געפיהלען. שטענדיג ווען איך קום נאָהענט, ווען איך דערזעה אַ פּסיכיש קראַנקען מענשען, באַפאַלט מיך אַ שרעק, כאַפּט מיך אַרום אַן עקעל, אַ פיזישער עקעל, און מיר ווילט זיך דאַן ערגעץ בעהאַלטען, באַגראָבען אַזוי, ניט אַז יענער דער קראַנקער זאָל מיך ניט זעהן, נאָר אַז איך זאָל איהם דעם משוגע'נעם ניט זעהן. און דאָס פיהלט איצט ראָזי, אַז זי דערזעהט מיך, אַז זי קוקט אויף מיר.

און מאָדנע — פון יענעם אָווענד אָן איז ביי מיר אויסגעוואַקסען אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צוגעהן צו ראָזי'ן נאָהענט, גאַנץ נאָהענט, און אַריינקוקען איהר אין די אויגען לאַנג־לאַנג. קוקען, דאָס האָב איך געפיהלט, וואָלט מיך אויסגעהיילט, וואָלט מיר צוריק מיין רוה אומגעקעהרט. נאָר איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך וועל דאָס ניט טהאָן, אַ איך בין צו שוואַך פאַר דעם.

אַ מאָל שטעהענדיג ביי מיין אַרבייט, האָט מיט מיר געטראָפען אַ מאָדנע זאַך.

מיט אַ נאַכט פריהער האָב איך זעהר שלעכט געשלאָפען. עפּעס האָבען זיך מיר געדרעהט פאַר די אויגען מאָדנע זאַכען, ווילדע באַשעפענישען — אַ טהייל מיט ווילדע בייזע פּנימ'ער, מיט אויסגעשטשריעטע ציינער, אַנדערע לאַכענדע, גוטע, מילדע. דאָס האָט זיך אַלץ געדרעהט, געדרעהט פאַר מיינע אויגען אין אַ ווילדען שטורם, מיט אַ קלינגעריי און בראַזגעריי. יעדע פּאָר מינוטען פלעג איך ערוואַכען מיט שוידער, פול אַנגסט. פּלוצים, איך האָב ראַכט זיך גאָרניט געשלאָפען, בין געוועזן וואַך, דערזעה איך שוועבען הויך ביים סאַמע הימעל אַ מענשליכע קאָפּ און דער הימעל איז אַזאַ גראָהער, פאַר'חושך'טער, טרויעריגער. איך קוק און זעה, אַז די קאָפּ איז פון אַ מאַן זעהר אַ קאָנטליכען, די אויגען זיינען געשלאָסען, די באַקען בלאַס און אויפ'ן שטערען זיינען אויסגעדריקט אַזוי פיעל יסורים, אַזוי פיעל איבערמענשליכע ליידען. מיר שיינט, די קאָפּ, דאָס געזיכט צו זיין באַקאַנט, פון אַ נאָהענטען מענשען. איך קוק לאַנג, איך שטריינג אָן מיין זכרון: וואו האָב איך איהר ערגעץ געזעהן? פּלוצים דערמאָן איך זיך: איך האָב איהר דערקאָנט. די קאָפּ — יע, דאָס איז דאָך מיין אייגענע קאָפּ, מיין געזיכט, און די ליידען זיינען דאָך מיינע, יע, מיינע אייגענע ליידען! איך דערקאָן זיי, איך פיהל זיי. זיי שניידען מיר, בריהען מיר מיין פלייש!

איך האָב ערוואַכט, אַ באַגאָסענער מיט שוויים. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך מיר געטרייסעלט אין פיעבער.

ווי איך האָב נאָר איינגעדרעמעלט, ווייטער די אייגענע זאַך. איך זעה פאַר זיך אַ גרוב, אַ קליינע, קיילעכדיגע גרוב, אַ טונקעלע, שוואַרצע עפענונג. איך קוק אויף דעם, און מיך כאַפּט אָן אַ שרעק. איך פיהל, אַז דאָרט אינעווייניג ליעגט ווער, לויערט ווער ניט איז. באַלד וועט זיך באַווייזען אַ קאָפּ, עס וועט אַרויסשטעקען אַ רויטען לאַנגען צונג. איך וויל זיך באַהאַלטען, איז אָבער דער אָרט, וואו איך געפין זיך, אַ קליינער, אַ פאַרמאַכטער פון אַלע זייטען, ניטאָ קיין עפנונג, קיין אַרויסגאַנג. מיט אַ פאַרקלעהמט האַרץ וואַרט איך אויף הילף.

מיט אַ מאָל דערהער איך אַ לייכטען רויש, עפּעס קומט, באַלד וועט עס ערשיינען.

עס באוווייזט זיך אין דער עפענונג א האנד, א ווייסע, צארטע, בלאסע האנד. די פינגער זיינען צונומען, א ביסעלע פארבויגען אריבער, די נעגעל זיינען קלאהרע, ווייסע, ווי שנעע ; זיי זיינען גלאנציגע , זיי שיינען ווי שטערען. זי רוקט זיך אריין צו מיר אין קעמערעל, די האנד, דרעהט זיך אין אלע זייטען, און א וואונדער — איך זעה, אז די האנד קוקט אויף מיר, זי זעהט מיך, באטראכט מיך לאנג, זי ווינקט צו מיר ליעבליך, גוט, מיר ווערט ווארעם אויפ'ן הארצען. דער שרעק פארשווינדט. מיר ווילט זיך צופאלען צו די צארטע גלייכע פינגער, צודריקען דעם שטערען צו זיי, אויס־וויינען דעם אנגעזאמעלטען וועהטאג. נאָר זי ווינקט צו מיר שטריינג, די האנד מיט איהרע אונזיכטבארע אויגען, אז איך האָב מורא זיך צו ריהרען פון אָרט.

זי פארשווינדט. איך בלייב אליין. מיר ווערט אונמוטהיג. איך בייג זיך איין צו דער עפענונג : עס בלאָזט א קאלטער, פראסטיגער ווינד. עס וועהט מיט טויט פון יענעם זייט. איך שפרינג אָפּ מיט שרעק, גיב זיך א קלאפּ אן דער געגענאיבערדיגער ווענטיל, און ערוואך.

עס קוקט אריין דורכ'ן פענסטער א קאלטע פייכטע נאכט. אונטער'ן פענסטער וויינט און פייפט דער ווינד. עס גיסט א שטארקער רעגען. מיר ווערט קאלט, איך דרעה זיך צוזאמען און שליעס די אויגען.

איך שלאָף נאָך ניט. איך בין האלב וואך, און ווידער דאָס אייגענע. עס העבט זיך אָן דרעהען, עס שווימט עפּעס אין דער לופט מיט א שטורם, מיט ליארעם קומט עס אָן . . .

איך הייב אויף די אויגען, און דערזעה א גאנצע מחנה הענד, א וועלט מיט הענד, אלטע און יונגע, גרויסע און קליינע, שווארצע, ווייסע, אלערליי קאָליערען, זיי טראָגען זיך, שוועבען ארום, בייגען זיך, דרעהען זיך, און וואָס ווייטער, קומען אָן אלץ וואָס מעהר נייע מחנות. זיי פילען דעם גאנצען רוים, זיי מאכען מיר איינג, שליעסען מיך איין אין זיך, באדעקען מיר אין גאנצען, דריקען אויף מיר שטארק, פעסט, אזוי אז מיר נעהמט וועה טהאָן. איך שריי־אויס, איך ערוואך זיטצענדיג. איך באוועג מיט די הענד אזוי ווי איך וואָלט זיך אָפּוועהרען פון א בעזער חיה.

אויף מאָרגען בין איך זיך מיר געשטאנען ביי מיין קליין פענסטערעל ווי געוועהנליך. אויף יענער זייט ווענטעל געהען זיי הארט נעבען מיר, יענע אונזיכטבארע מענשען. זיי מארשירען איינע, נאָך די אנדערע, זיי כאפּען דעם טיקעט. שפּאנען ווייטער איינער נאָך דעם אנדערן, אָהן א סוף, אָהן א ברעג. יעדע פּאָאר מינוט קומען אָן נייע געפּאקטע טריינס, מיט שטורם און רעש קומען זיי. עס טרייסעלט זיך מיין קליין הייזעלע, עס ווארפט זיך, עס שאָקעלט זיך אלץ ארום מיר. איך זיטץ מיר ביים פענסטערעל און טהייל, טהייל. א כאפּ, א קליינעם שטופּ, א שטויס, און עס ליעגט אויף אָן אָרט. באלד פארשווינדעט עס, מאָמענטאן ווערט עס ניט. פּלוצים רייסט זיך מיר פון הארצען ארויס א געשריי.

איך האָב דערזעהען א האנד, א בעקאָנטע האנד. שטיל, פּאמעלכ'ן איז זי אריין געקראָכען צו מיר דורכ'ן פענסטערעל. ווייטער ווי געוועהנליך אביסעלע. א ווייסע, צארטע, מיט דינע געטאקטע לאנגע פינגער. א רגע נור איז זי געלעגען ביי מיר אויפ'ן פענסטערל, נאָר מיר האָט זיך עס אויסגעוויזען לאנג, א גאנצע אייביגקייט. איך האָב צייט געהאט זיך איינצוקוקען אין יעדער קנייטשעלע, און יעדער שפּעלטעלע איהרע, און דערפיהלט האָב איך, אז זי רעדט צו מיר, אז זי ווינקט עפּעס צו מיר, זאָגט מיר א גוט ווארים וואָרט און איך האָב א געשריי געטהאָן, א הילכענדען שטארקען אויסגעשריי.

די האנד איז באלד פארשוואונדען. אלעס איז פערשטומט געוואָרען, אנטשוויגען געוואָרען, איינגעהאלטען דעם אטהעם.

איך בין באלד צו זיך געקומען. איך האָב האסטיג א שטויס געטהאָן דעם טיקעטל. ער איז ליינגער א ביסעלע געלעגען. מיט א ציטער האָב איך געווארט, עס זאָל פארשווינדען, ער זאָל ניט ווערען. ענדליך האָט איהם אימעצער פון יענער זייט א כאפּ געטהאָן און איז פארשוואונדען.

איצט בין איך בארוהיגט, פארשוואונדען דער וועהטאָג. אויסגעמעקט פון זכרון די אלע פּנים'ער, וואָס האָבען מיך א מאָל צו זיך געצויגען, געוואונקען, גערופען צו זיך. צוועלף שטונדען אין טאָג שטעה איך ביים פענסטערעל, אָהן אן אויפהער קומען זיי צו מיר די הענד, זיי באווייזען זיך און פארשווינדען באלד. אָבער איך קאָן זיי אלעמען אויסגעצייכענט גוט, וויים דעם כאראקטער פון יעדער פון זיי. איך דארף ניט קיין מענשליכען פּנים. ער זאָגט מיר גאָר נישט, דערצעהלט מיר גאָר נישט. איך זעה נור א מאסקע, א קאלטע טויטע מאסקע — די הענד זיי זיינען מיינע איינציגע פריינד, מיינע עדות פאר א גאנצען לאנגען טאָג. זיי קומען צו מיר, גריסען מיך, דערצעדלען מיר און איך פיהל זיך פרעהליך אין זייער געזעלשאפט . . .

מאָררים הילקוויט

מאַרקס און ענגעלס

(40 יאָהר בריעף פון די פאָטערס פון מאָדערנעם סאָציאַליזם)

דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג איז אָנגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז פאַר דער גרויסער מאַיאָריטעט פון די סאָציאַליסטען היינט צו טאָג שטעהען שוין מאַרקס און ענגעלס אַזוי ווי אין הינטער־גרונד. די צווילינג־פיגור פון די פּראַקטישע אָרגאַניזער און טהעאָרעטישע בעגרינדער פון דעם סאָציאַליזמוס ערשיינט שוין פאַר אונז נור אַלס אבסטראַקציעס, נור אַלס היסטאָרישע אויב ניט מיטהאָלאָגישע כאַראַקטערען. און דאָך זיינען קוים פאַראיבער 30 יאָהר זייט דעם טויט פון קאַרל מאַרקס, און מיט 20 יאָהר צוריק איז פריעדריך ענגעלס נאָך געוועזן טהעטיג אין דעם קאַמפּף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזמוס. מאַרקס און ענגעלס זיינען ווירקליך מענשען פון אונזער אייגענעם דור. און עס איז וויכטיג פאַר אונז צו קענען זיי אויך אין זייער חומר, אין זייער פלייש, אַזוי צו זאָגען; עס איז וויכטיג פאַר אונז צו וויסען, ווי אַזוי זיי האָבען געלעבט און געקעמפּפט, געליטען און געזיעגט. דען קיין זאַך קען אַזוי ניט העלפען ריכטיג צו פערשטעהען און דורכצודרינגען זיך מיט דעם גייסט און די געדאַנקען פון אַ שאַפענדען זשעני, ווי אַן אינטימע בעקאַנטשאַפט מיט דעם מענשען און זיין לעבענס־געשיכטע.

אַזאַ אינטימע בעקאַנטשאַפט מיט די אינערליכקייטען פון קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס קאָן אונז געבען זייער געגענזייטיגע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז איצט פערעפענטליכט געוואָרען. די בריעף זיינען רעדאַגירט פון אויגוסט בעבעל און עדואַרד בערנשטיין, וועמען ענגעלס האָט בעשטימט פאַר זיינע ליטעראַרישע אַפּוטרופּסים. די קאָרעספּאָנדענץ בעשטעהט פון 4 גרויסע בענדער, יעדער באַנד פון 500 זייטען. זי הויבט זיך אָן פון סעפּטעמבער 1844, ווען מאַרקס איז אַלט געוועזן 26 יאָהר און ענגעלס 24, און ציעהט זיך ביז יאַנואַר 1883 — צוויי מאָנאַט בעפאָר מאַרקס האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם. די צאָהל בריעף איז 1386. זיי לעזען זיך מיט גרויס אינטערעס און פערגניגען. זיי זיינען געשריבען פריי, אָפענהערציג, אונבעקימערט און אָפטמאָל אַפילו ניט פאָרזיכטיג גענוג. דאָס איז אַן אינטימער האַרץ צו האַרץ געשפּרעך. אַמאָל איז ער ניט מעהר ווי אַ לייכטער שמועס וועגען פערזאָנען, זאַכען, בעוועגונגען; הויזהאַלט און פערזענליכע אַנגעלעגענהייטען; אַמאָל בליצען דאָרט דורך געדאַנקען, טעאָריען, צווייפלען, פּלענער און שטרעבונגען. איהר זעהט דאָ די טאָגטעגליכע קליינליכע זאָרג און וועלט־בעוועגענדע אַמביציאָנען. עס איז קענטיג, די בריעפשרייבער האָבען אין זינען ניט געהאַט, אַז זייערע בריעף וועלען ווען עס איז פערעפענטליכט ווערען, און דאָס מאַכט זייער ווערטה פיעל גרעסער, ווייל אַנדערש וואָלטען זיי ניט געקענט אַזוי אַם פולסטען אַנטפּלעקען פאַר אונז די נשמות פון זייערע אויטאָרען. און די נשמות, וועלכע האָבען זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט, זיינען ווירקליך גרויס און ערהאַבען, דאָך, דורכאויס מענשליך.

וואָס איבעראַשט אונז אַם שטאַרקסטען אין די בעציהונגען צווישען מאַרקס און ענגעלס איז דער פעסטער פריינדשאַפטס־בונד, וואָס האָט זיי ביידען פעראייניגט. עס איז אַ צווייפעל, צי עס איז פאַרהאַן אין דער געשיכטע נאָך אַזאַ ביישפּיעל פון אַזאַ פאָלקאָמענער פריינדשאַפט. און מען דאַרף דערביי געדיינקען, אַז קיינער פון זיי ביידען האָט ניט געהאַט אין זיך קיין שפּור פון סענטימענטאַליטעט. ניט מאַרקס און ניט ענגעלס האָבען ליעב געהאַט צו דעמאָנסטרירען זייער פריינדשאַפט. פערקעהרט. לויט אַלע סמנים, זיינען זיי ביידע געוועזן צוריקגעהאַלטען און אויסערליך קאַלט אין בענעהמונג. אַ היבשע צאָהל פון זייערע ערשטע בריעף פאַנגען זיך כסדר אַן מיט דער מעהר אָדער ווייניגער אָפיציעלער ווענדונג: „טייערער מאַרקס!“ און „טייערער ענגעלס“. עס האָט זיך געפאָדערט גאַנצע 7 יאָהר פון ענגען געמיינשאַפטליכען פערקעהר, ביז מאַרקס האָט זיך געפיהלט פריי גענוג אָנצופאַנגען זיינע בריעף מיט „טייערער פרעדעריק“ און נאָך מעהרערע יאָהר ביז ער האָט זיך ענטשלאָסען צו נאָך אַ אינטימערען סטיל אין אַדרעסירען איהם: „טייערער פרעד“. און ענגעלס איז בשום אופן ניט געוועזן ריהרעוודיגער פון מאַרקס אין דיעזער בעציהונג! עס האָט אויך גענומען לאַנג

ביז ער איז היימיש געוואָרען מיט „מאַאר" — א פערצויגענער פאַמיליע־אויסדרוק פון מאַרקס. דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זייער פריינדשאַפט איז ניט אויסגעדריקט געווען אין שעהנע ווערטער, אָדער בעסער געזאָגט: א דאַנק דעם, איז זייער געגענזייטיגע סימפּאַטיע געווען העכסט אויפריכטיג, טיעף־איננינג, עס ווילט זיך כמעט זאָגען — אָרגאַניש. — דאָס איז ניט נור געווען א פּאָליטישע פריינדשאַפט, און אויך ניט קיין פריינדשאַפט, וואָס שטאַמט פון עהנליכקייט אין געשמאַק, נייגונגען און טעמפּעראמענט; דאָס איז געווען א פריינדשאַפט, וואו די אינדיווידואליטעט פון איינעם איז אזוי ווי איינגעוואקסען אין דער אידיווידואַליטעט פון דעם אַנדערן. די צוויי מענער זיינען געוואָרען צונויפגעגאָסען אין א נייעם העכערן און שטאַרקערען וועזען, וואָס האָט פעראייניגט אין זיך די שטריכען און די מעלות פון ביידען.

ביי אונז סאָציאַליסטען איז ווייט און ברייט פערשפּרייט די מיינונג, אַז פון זיי ביידען איז מאַרקס געווען דער גרעסערער מאַן; אַז מאַרקס איז געווען דער זשעני און דער פיהרער און ענגעלס נור דער טאַלענטפאָלער נאַכפאָלגער, וועמעס רוהם איז צום גרעסטען טייל אן אבשפּיעגלונג פון דעם רוהם פון זיין פריינד און לעהרער. דיעזע מיינונג איז דורכאויס פאַלש, און שולדיג אין דעם איז הויפּטזעכליך ענגעלס אַליין. ווייל ענגעלס, וועלכער האָט איבערגעלעבט זיין פריינד אויף צוועלף יאָהר, האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט די געלעגענהייט אָבצוגעבען מאַרקסען דעם לייבען־טייל פון פערדיענסט, וואָס האָט געהערט זיי ביידען פאַר זייערע געמיינזאַמע אויפטהואונגען. די בריעף איבערצייגען, אָהן שום צווייפעל, אַז קיין איינער פון די צוויי איז אינטעלעקטועל ניט געשטאַנען נידריגער פון דעם אַנדערן. ביידע זיינען געווען גלייך און נויטיגע, איינע די אַנדערע אויספילענדע טיילען פון איין אָרגאַנישען גאַנצען. אָנפאַנגענדיג מיט'ן קאָמוניסטישען מאַניפעסט, וואָס איז געווען זייער ערשטעס געמיינזאַמעס ווערק, און ענדיגענדיג מיט ענגעלס' „אַנטי־דיהרינג", דאָס לעצטע וויכטיגע ווערק, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען בעת ביידע האָבען נאָך געלעבט, האָט קיינער פון די צוויי ניט אונטערנומען קיין אַרבייט, כל זמן ער האָט זיך ניט בעראַטען מיט דעם אַנדערן כמעט אויף שריט און טריט. מאַנכמאָל האָט איינער געשריעבען א גאַנצען קאַפּיטעל פאַר דאָס ווערק פון דעם אַנדערן, און א גרויסער טייל פון די בריעף, וואָס מאַרקס האָט געשיקט אין „ניו־יאָרק טריביון" אונטער זיין אייגענער אונטערשריפט, זיינען געווען אין גאַנצען געשריעבען פון ענגעלס'ען. יאָ, עס זיינען געווען געוויסע געגענשטענדע, אין וועלכע יעדער פון זיי האָט זיך בעזונדערס ספּעציאַליזירט, און דאָן פלעגט איינער זיך פערלאָזען אויפ'ן אַנדערן, אָבער בכלל, אין זייער אַלגעמיינער קולטור און געלעהרזאַמקייט, זיינען זיי ביידע — מאַרקס און ענגעלס — געשטאַנען גלייך. אויב מאַרקס איז געווען דער טיעפערער דענקער, האָט אָבער ענגעלס געהאַט דעם פּראַקטישערען שכל, די קלאַהרערע פעהיגקייט אויסצודריקען זיך. אויב מאַרקס איז געווען דער גרעסערער זשעני, איז אָבער ענגעלס געווען דער גרעסערער מענש. וואָס איינער וואָלט געווען און אויפגעטהאָן אָהן דעם אַנדערן, איז אונמעגליך צו טרעפען. איינער צוזאַמען מיט דעם אַנדערן זיינען זיי געווען מאַרקס און ענגעלס.

ווען מיר לעזען די ווערק פון די גרויסע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, בעזונדערס די ליידענשאַפטסלאָזע, רוהיג־לויטערע קלאַסישע בלעטער פון „קאַפּיטאַל", קאָן זיך דוכטען, אַז זיי זיינען פערפאַסט געוואָרען אין העלען געמיט, אין שטילען קאַבינעט פון א געלעהרטען, וואָס האָט פערבראַכט א לעבען ווייט פון די קליינליכע וואָכעדיגע זאָרגען און אויפרעגונגען. אָבער א גאַנץ אַנדער בילד דעקט זיך אויף פאַר אונז, בעת מיר לעזען די קאָרעספּאָנדענץ פון מאַרקס און ענגעלס. איהר קענט ניט לעזען אָהן שוידער די שטעלען, וואָס דערצעהלען אייך, אין וואָס פאַר א ביטערער אָרימקייט און פיינליכער דחקות, די „פאָטערס" פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם איז אויסגעקומען צו שאַפען זייערע לעבענס־ווערק! מאַרקס האָט געשטאַמט פון א וואוילהאַבענדער בורזשואַזער פאַמיליע און זיין פרוי — פון פּרייסישען אדעל. ווען זיי וואָלטען פערבליבען אין דעם סאָציאַלען קלאַס, וואוהין זיי האָבען געהערט, וואָלט מאַרקס מיט זיין גרויסען טאַלענט און געלעהרזאַמקייט זיכער זיך דערשלאָגען צו אַן עקאָנאָמישער פּאָזיציאָן, וואָס וואָלט איהם און זיין פאַמיליע פערזאָרגט מיט אַלע וואוילטאַגען. אָבער ער האָט בעסער אויסערוועהלט צו זיין אַן „אבטריניגער" פון זיין קלאַס, א רעבעל, און אָבליידען א לעבען אין די צוואַנגען פון דלות און נויט, און נאָך וואָס פאַר א דלות! שטאָלץ און פעסט ווי ער איז געווען אין זיין מוט, האָט מאַרקס זעלטען זיך ערלויבט צו ריידען וועגען זיינע עקאָנאָמישע ליידען. אָבער ווען ניט ווען פלעגט זיך ביי איהם אַרויסרייסען א פערצווייפלונגס־געשריי. „זייט א וואָך, שרייבט ער אין 1852, האָב איך שוין דערגרייכט די אַנגענעהמע מדרגה, אַז איך זאָל ניט קענען אַרויסגעהן פון הויז, ווייל אַלע מיינע קליידער זיינען פער'משכנ'ט, און איך עס ניט קיין פלייש, ווייל דער קצב וויל שוין מעהר ניט באָרגען". און ווייטער: „יעדען טאָג האָב איך אַן אַרבייט אַרומצולויפען זעקס שטונדען צו לייהען א סיקספּענס אויף עסען". ווי הערצרייסענד איז דער בריעף, וואָס מאַרקס' פרוי האָט אַרום יענער צייט געשריעבען צו ענגעלס'ען.

זי דערצעהלט, ווי אַזוי איהר קליינער איינגעל האָט דורך א קוניץ ארויסגעקראָגען 3 לעבלאָך ברויט פון בעקער, וועלכער האָט מעהר ניט געוואָלט געבען אין קרעדיט, און ווי אזוי ער איז געלאָפען מיט דעם ווערטפולען רויב, אין איין שרעק, טאָמער נעהמט מען עס אוועק צוריק.

און ענגעלס? ענגעלס האָט דאַמאָלס געאַרבייט אלס א קלערק אין מאַנטשעסטער אין א קאַטאָן־געשעפט, אין וועלכען זיין פאָטער האָט געהאַט א חלק. פון גרונד האַרצען האָט ער געהאַסט דעם האַנדעל. זיין יונגע און ענטהוזיאַסטישע נשמה האָט זיך דורכאויס געריסען צו וויסענשאַפט און רעוואָלוציאָן. די קאַנטאָר האָט איהם טאָג־טעגליך פערשאַפט פיזיישע יסורים. אָבער ער האָט פעסט אָבגעמאַכט ביי זיך צו בלייבען אין קאַנטאָר, און ער איז געבליבען. און עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז ער האָט אויפגעאָפּפערט זיין לעבען און זיינע אמביציעס פאַר זיין פריינד קאַרל מאַרקס. ער האָט זיך גאַנץ מיט א כיוון פערשקלאַפט, כדי צו געבען מאַרקס'ען די מעגליכקייט פאָרטצוזעצען זיין אַרבייט; א גרויסער, ווען ניט דער גרעסטער, טייל פון זיינע פערדיענסטען פלעגט אָנקומען צו מאַרקס'ען. אין 1850 האָט ענגעלס' וועכענטליכער בייטראַג צו מאַרקס' הויז בעטראָפען א פונט א וואָך; ווען זיין קאָמערציעלע שטעלונג און זיינע איינקינפטע זיינען געשטיגען, איז אויך געוואַקסען די סומע פון שטיצע. אין 1869, ווען ענגעלס האָט שוין געקאָנט זיך ערלויבען צוריקצוציהען זיך פון זיינע געשעפטען, האָט ער בעשטימט פאַר מאַרקס'ען א יעהרליכען איינקונפט פון 350 פונט. דער קאַמפף מיט דער פירכטערליכער אָרימקייט איז געווען צו ענד. די פריינד זיינען זיך צונויפגעקומען אין לאָנדאָן און האָבען געאַרבייט צוזאַמען פאַר דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, וועלכע האָט שוין צו יענער צייט אָנגעפאַנגען ווייט און ברייט צו פערשפּרייטען זיך. זיי זיינען געווען גליקליך. אָבער די שרעקליכע שפּורען, וואָס די צוויי פאָריגע יאָהרצעהנדליגע האָבען איבערגעלאָזט אין זייער פּערזענליכען לעבען, האָבען זיי ניט געקענט אָבווישען. די ליידען און די נויט האָבען געמאַכט א חורבן אין מאַרקס' היים. דריי פון זיינע קינדער זיינען געשטאָרבען יונגערהייד איינפאַך אוים מאַנגעל אין שפּייז און לופט. זיין איידעל־הערציגע פרוי איז געווען אָבגעשוואַכט און ענטמוטיגט און מאַרקס אליין איז געווען א קראַנקער, צובראָכענער מענש. דאָך האָט מאַרקס שטענדיג געלעבט א לעבען, וואָס איז איהם ליעב געווען — פאַר זיינע ציעלען און אידעאַלען. ענגעלס ווידער האָט צוואַנציג יאָהר זיך געפּלאָגט ביי א פערהאַסטער, ערניעדריגענדער אַרבייט, כדי צו קענען שטיצען מאַרקס'ען. ווער פון זיי ביידען האָט געבראַכט דעם גרעסערען אָפּפער?

וואָס האָט אויפגעהאַלטען מאַרקס'ען און ענגעלס'ען אין די שווערע יאָהרען פון לייד און נויט? דאָס איז געווען זייער גלויבען אין דעם גרויסען ענין, צו וועלכען זיי האָבען זייער לעבען געווידמעט, און אויך זייער שטאַרקע געגענזייטיגע פריינדשאַפט. שילדערנדיג די לעצטע קראַנקהייט און טויט פון זייער צערטליך־געליעבטען יונגען זוהן עדגאַר, שרייבט מאַרקס צו ענגעלס'ען אין אַפּריל 1855: „אין די שרעקליכע פּייניגונגען, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען די לעצטע טעג, האָט מיך אויפגעהאַלטען בלויז דער געדאַנק וועגען דיר און דיין פריינדשאַפט און די האָפנונג, אז צוזאַמען וועלען מיר דאָך אויפטהאָן נאָך עפּעס פערניפטיגעס אין דיזער וועלט“.

דער ערהאַבענער און פעסטער גלויבען פון די מוטיגע פּיאָנערען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם האָט זיך ניט געשטיצט אויף רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, אָדער אויף דער האָפנונג, אז די גאולה וועלט באַלד אָנקומען. מאַרקס און ענגעלס האָבען אם פולסטען און אם קלאָרסטען בעגריפען אז דער קאַמפף, אין וועלכען זיי האָבען זיך בעטייליגט, איז א האַרטער און א לאַנגער קאַמפף, א קאַמפף אויף דורות. זיי האָבען בעגריפען, אז די נייע פּראָלעטאַרישע בעוועגונג פאַר דער בעפרייאונג פון דער מענשהייט פאָדערט אונבעגרענעצטען מוט, אויסדויער, קענטניסע און אָרגאַניזאַציאָן, און זיי האָבען געדולדיג זיך גענומען צו שמידען די וואַפען פאַר דעם גרויסען קאַמפף. די אינטערנאַציאָנאַלע שריד און פליט פון די צובראָכענע אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס פון 1848 האָבען זיך פערזאַמעלט אין לאָנדאָן און אין דער שווייץ, און בעת זיי האָבען דאָרט זיך אָבגעגעבען מיט אַלערליי חלומות און געמאַכט פערשיעדענע אומזיסטע פּראָבעס אויפצולעבען צוריק די דערשטיקטע פּאָליטישע רעוואָלוציאָן, האָבען מאַרקס און ענגעלס פלייסיג צוגעגרייט דעם גרונד פאַר א לאַנגזאַמערע, אָבער זיכערערע און ראַדיקאַלערע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן פון דעם אַרבייטער קלאַס פון דער וועלט. זיי זיינען געווען גוט בעזאָרגט מיט קענטניסע פאַר זייער גרויסער אויפגאַבע און זיי האָבען אַלץ ניט גערוהט אין זייערע אָנשטריינגונגען אָנצוזאַמלען וואָס מעהר קענטניסע. קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס זיינען געווען צווישען די געלערנטעסטע מענשען פון זייער דור, און ווען ארום 1857 זיינען ביידע פריינד איינגעלאַדען געוואָרען פון טשאַרלס א. דאַנא צו שרייבען אַרטיקלען פאַר אן ענציקלאָפּעדיע, וואָס ער, דאַנא, האָט רעדאַגירט פאַר א ניו יאָרקער פערלאַג, האָט ענגעלס מיט פולען רעכט געקענט פאָרשלאָגען מאַרקס'ען, אז זיי ביידע זאָלען אונטערנעהמען דורכצופיהרען די גאַנצע אַרבייט.

ביידע צוזאַמען האָבען ווירקליך געקענט דעקען דעם גאַנצען סכום פון מענשליכען וויסען פון

זייער צייט. זיי זיינען גרינדליך געווען בעקאַנט מיט אַלע וויסענשאַפטען — פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פילאָזאָפיע, היסטאָריע, פּאָליטיקס, נאַטור־וויסענשאַפטען און אַלגעמיינע ליטעראַטור, און אין דיזע אַלע פערשיעדענאַרטיגע געביטען זיינען זיי געווען ניט דילעטאַנטען נור פאַכלייט. ביידע זיינען זיי געווען אונערמידליכע אַרבייטער און זיי האָבען ענטהוזיאַסטיש געפאָרשט ביז'ן ענד פון זייערע טעג. קיין זאַך איז זיי ניט צו שווער אָדער אונאינטערעסאַנט געווען. אין זומער פון 1864 האָט מאַרקס געליטען פון א שווערען אָנפאַל פון אינפלוענץ. ער קלאָגט זיך פאַר זיין פריינד, וואָס ער קאָן ניט טהאָן ריכטיגע אַרבייט. און דערווייל, פאַר הוילע צייטפערטרייב, פערנעהמט ער זיך מיט „שטודירען פיזיאָלאָגיע, אַנאַטאָמיע פון געהירען און נערווען־סיסטעם, די צעלען־טעאָריע און עהנליכע זאַכען“. און אַלס א הילף צו זייער אונענדליכען שטודיום, האָבען זיי געהאַלטען אין איין לערנען פרעמדע שפראַכען. ביידע האָבען פאָלשטענדיג בעהערשט אַלע וויכטיגע און אַפילו מאַנכע פון די אונוויכטיגע אייראָפּעאישע שפראַכען. זייערע בריעף גיבען אונז א קוריעזען בעוויז פון זייער פיעל־שפּראַכיגקייט. זיי געברויכען אין זייער קאָרעספּאָנדענץ א געמיש פון פערשיעדענע שפראַכען. זיי בענוצען זיך מיט יעדען אויסדרוק, וואָס קומט נור אונטער דער האַנד, פון וואָס פאַר א שפראַך ער זאָל ניט זיין, אבי ער פּאַסט זיך גוט צו אויסצודריקען א געוויסען געדאַנק. די גרונד־שפּראַך פון די בריעף איז דייטש, אָבער די מייסטע זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט פראַנצויזיש און ענגליש, און אָפטמאָל כאַפּען זיך דאָרט אויך אריין איטאַליעניש, שפּאַניש, האָללענדיש, רוסיש, לאַטייניש און אפילו גריכיש.

און אזוי האָבען זיי געאַרבייט, געפאָרשט, געלערנט אַליין און געלערנט מיט אַנדערע זייער גאַנץ לעבען אָהן רוה און אָבהאַלט, אָהן וואַקלונגען און ענטטוישונגען, אָהן דער האָפנונג אויף בעלוינונג און אָהן דער זאָרג וועגען אַנערקענונג. ענגעלס'ען איז נאָך בעשערט געווען, ביים ענד פון זיינע טעג, צו זעהן, ווי ברייט עס האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסען די גרויסע, אינטערנאַציאָנאַלע בעוועגונג, וואָס איהרע ציעלען און מעטאָדען זיינען בעגרינדעט געוואָרען פון איהם און זיין פריינד. מאַרקס האָט געשלאָסען זיינע מיעדע אויגען, נאָך איידער די בעוועגונג האָט דערגרייכט די שטופע פון אַן אַנערקענטער מאַכט. אָבער ביי קיינעם פון זיי ביידען איז קיינמאָל ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען דער גלויבען אין דער גרויסער זאַך, צו וועלכער זיי האָבען זייער גאַנץ לעבען געדיענט. זיי זיינען געווען גערולדיג, שטאַנדהאַפּט, ווייל זייער ציעל איז געווען גרויס, און זיי אַליין זיינען געווען אינטעלעקטועלע ריעזען.

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי

אידישקייט און קאַפּיטאַליזם

וועגען פּראָפעסאָר זאָמבאַרט'ס בוך: „די אידען און דאָסווירטשאַפטס־לעבען“.

פּראָפעסאָר זאָמבאַרט איז בעקאַנט פאַר א גרויסען געלעהרטען און א גרויסען קענער פון מאַרקסיזמוס, און עס איז דעריבער געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז אין עקסטרעם־סאָציאַליסטישע א י ד י ש ע קרייזען איז מען נשתומם געוואָרען, ווען אַזאַ גרויסער למדן איז ארויס מיט א כלומרשט וויסענשאַפטליכער טעאָריע, אין וועלכער ער האָט געזוכט אויסצופיהרען, אַז די אידען זיינען א בעזונדערער פאָלק, וואָס וואַנדערט שוין טויזענדער יאָהרען צווישען די אומות העולם און האָט זיך ניט אַסימילירט, ווייל ער קען זיך ניט אַסימילירען. די אידען זיינען א מדבר־פאָלק, זייער נאַטור ברענט נאָך עד היום מיט דער היץ פון סאַכאַרא, בעת די טייטשען שטאַמען פון די אוראַלטע טייטשעשע וועלדער, און זייער כאַראַקטער איז פייכט ווי די אַמאָליגע טייטשעשע בלאָטעס. ער פאַלט אריין גאָר אין מליצה, ער שיט מיט שעהנע פילאָזאָפיש־קלינגענדע פראַזען. ווען מען צוגליעדערט זיי אָבער נאָך די כללים פון וויסענשאַפטליכער קריטיק, לאָזט זיך אויס פון דער

גאַנצער טעאָריע ניט מעהר ווי א מין „וויסענשאַפטליכער אימפּרעסיאָניזמוס“. די אימפּרעסיאָניסטען אין דער קונסט האַרט ניט, צי זייערע בילדער שפּיעגלען אָפּ די ווירקליכקייט; זיי גיבען אייך דעם איינדרוק פון זייער פאַנטאַזיע — זאָמבארט האָט אָנגעווענדעט דיזעלבע מעטאָדע אויף די סאָציאַל־וויסענשאַפט.

דער בוך איז די אַרבייט פון א הויך־געבילדעטען פּעליעטאָניסט, וואָס איז א בריה אויסצופוצען זיין „וויסענשאַפטליכע פּלוידעריי“ מיט ציטאַטען פון פערשיעדענע שרייבער פון אַלע צייטען און אַלע נאַציאָנען, אָבער ווען איהר גלויבט איהם ניט אויף זיינע נאמנות און נעהמט פערגלייכען זיינע שליסע מיט די בעווייזע וואָס ער ברענגט, טו ווייזט זיך ארוים, אז עס קלעפּט זיך ווי אן אַרבעס צום וואַנד.

דער גרונד־געדאַנק פון דעם בוך איז, אז יעדע ראַסע האָט איהר אייגענע „פאָלקס־נשמה“ און איהר גאַנצער עקאָנאָמישער לעבען איז דער אויסדרוק פון איהר פאָלקס־נשמה. דער גייסט פון דעם אידישען פאָלק איז א קאַפּיטאַליסטישער, די אידען האָבען זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און דעריבער האָבען זיי אומעטום געשאַפען דעם קאַפּיטאַליזמוס. „ווען די אידען וואָלטען זיך ניט צושפּרייט אין די צפון־לענדער — מיינט ער — וואָלט ניט געווען קיין קאַפּיטאַליזמוס, קיין מאָדערנע קולטור“. דאָס הייסט, אז דער קאַפּיטאַליזמוס איז ניט קיין נויטווענדיגע מדרגה אין דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, ווי מאַרקס האָט געטראַכט — אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז „נאַטירליך“, „געוואָרדען“, „ענטשטאַנען“ — אַלצדינג איז „קינסטליך“, „געמאַכט“ (ז. 331). דער קאַפּיטאַליזמוס איז א „צופעליגע טהאַטזאַכע“ (ז. VII), ס'הייסט אויף פּראָסט אידיש: א „סיבה“, אן „עקסידענט“, ווי מען זאָגט אין אַמעריקאַ, וואָס די מענשהייט האָט אפשר געקענט אויסמיידען.

דיזע טעאָריע איז אייגענטליך ניט ניי. אזוי האָבען בעטראַכט דעם קאַפּיטאַליזמוס טשערנישעווסקי און די רוסישע נאַראָדניקעס. אָריגינעל ביי זאָמבארט'ן איז, וואָס ער האָט די סאָציאָלאָגישע טעאָריע פון די נאַראָדניקעס צוזאַמענגעפּאַרט מיט דער אתה בחרתנו־אידעע. ער איז ניט בלינד, געוועהנטליך, ער זאָל ניט זעהען, אז אָהן דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק וואָלטען די אידען אויך ניט דאַקאַזשעט אויפצובויען דעם קאַפּיטאַליזמוס (ז. X). אָבער פערקעהרט, אָהן די אידען וואָלט דאָך די טעכניק אויך ניט געהאָלפען — ניט מעהר דער גלות האָט אריבערגעבראַכט די הייסע אידען צווישען די קאַלטע גערמאַנען, איז דער „קנאַל־עפעקט“ (ז. VIII) פון דער צוזאַמענמישונג פון די צוויי טעמפּעראַמענטען געווען דער קאַפּיטאַליזמוס.

אין דער הקדמה צו זיין בוך, דערצעהלט זאָמבארט, ווי אזוי ער איז געקומען צו זיין איצטיגער טעאָריע. ער האָט איבע־געלייענט דעם בוך פון מאַקס וועבער איבער דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם פּוריטאַניזמוס און דעם קאַפּיטאַליזמוס אין דעם זיבצעהנטען יאָהרהונדערט און דאָס האָט איהם געבראַכט אויף דעם געדאַנק, אז די רעליגיאָן האָט אן איינפלוס אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען. היינט ווען ער האָט גענומען אונטערזוכען יענע טיילען פון דער פּוריטאַנישער רעליגיאָן וואָס האָבען געהאָלפען אויסצובילדען דעם „קאַפּיטאַליסטישען גייסט“, האָט ער באַלד דערזעהען, אז זיי שטאַמען פון דער אידישער אמונה. איז ביי איהם געוואָרען א סברה, אז אפשר שטאַמט דער קאַפּיטאַליסטישער גייסט טאַקע גאָר פון דער אידישער אמונה (ז. V). און ער האָט זיך גענומען זוכען בעווייזע פאַר די ריכטיגקייט פון זיין געדאַנק. ראשית, האָט ער געפונען, אז דער קאַפּיטאַליזמוס איז געגליכען צו דער אידישער רעליגיאָן: ביידע זיינען זיי „א פרעמדטום אין מיטען פון דער נאַטירליכער וועלט“, „אן אויסגעטראַכטע, א געמאַכטע זאַך“—(ז. 242). צווייטענס, איז דער גייסט פון דער אידישער רעליגיאָן א קאַפּיטאַליסטישער, און דריטענס, וואו נור עס ענטוויקעלט זיך דער קאַפּיטאַליזמוס, אומעטום שטעקט א איד.

ביי א וויסענשאַפטליכען פאָרשער, ווען ער געפינט אפילו די דאָזיגע פאַקטען, האָט זיך געדאַרפט שטעלען די פראַגע: וואָס איז די אורזאַכע און וואָס איז די ווירקונג? צוגעגעבען, אז די אידישע רעליגיאָן האָט א קאַפּיטאַליסטישען גייסט, איז עס אפשר ניט מעגליך, אז דער קאַפּיטאַליסטישער גייסט האָט זיך ענטוויקעלט אין איהר דורך דעם איינפלוס פון קאַפּיטאַליזמוס און ניט פערקעהרט? זאָמבארט פיהרט אויס, למשל, אז די בעציהונג פון דעם אידען צום דעם רבנו של עולם האָט די פאָרמע פון א קאָנטראַקט. איז די קשיה, וואָס איז געווען פריהער: צי איז דער איינפאַל צו מאַכען א קאָנטראַקט מיט גאָט געבאָרען געוואָרען גלאַט אזוי ביי דעם אידען אין קאָפּ, און דערנאָך, האָבענדיג געשלאָסען א קאָנטראַקט מיט גאָט, האָט ער גענומען אָנווענדען די דאָזיגע געטליכע האַנדעלס־פּאָליטיק אין זיינע געשעפטען מיט לייטען? אָדער פערקעהרט, זייענדיג א געשעפטסמאַן, איז דער איד צוגעוועהנט געוואָרען צו דענקען ווי א געשעפטסמאַן, און די ביזנעס־פּרינציפּען פון דער אידישער אמונה זיינען גאָר אפשר געווען אן אָנווענדונג פון די אידעען, וואָס האָבען זיך אויסגעבילדעט ביי דעם אידען אין זיין געשעפטס־לעבען?

ווען מען נעהמט אונטערזוכען אויף וואָס פאַר אן אופן דער קאַפּיטאַליסטישער גייסט

פון די אידישע תלמודיסטען האָט געפונען אַן אויסדרוק, טו זעהט מען, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ אום פּסק־דינים וועגען געשעפטס־זאַכען. זיי האָבען ניט גלאַט אויסגעטראַכט פראַגען אין דער וועלט אַריין און וועגען זיי געפּלפּול׳ט. — מען איז צו זיי געקומען מיט אַ דין־תורה וועגען אַ געשעפט, פּונקט אַזוי ווי מען פלעגט נאָך ניט לאַנג צוריק ביי פרומע אידען געהן צו בית־דין, אָדער ווי מען געהט היינט אין קאָורט (אין סוד). אַלזאָ, איידער דער רבי האָט אָבגעגעבען דעם קאַפּיטאַליסטישען פּסק־דין, האָט שוין עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליסטישער געשעפט.

אַזוי איז אויסגעוואַקסען דער יוריסטישער טייל פון דעם תלמוד. אין דערין איז די אידישע רעכטס־געשיכטע גאָר ניט קיין אויסנאַהם. אויף דעמזעלביגען אופן איז דאָס רעמישע רעכט אויסגעוואַקסען פון די ענטשיידונגען פון די רעמישע ריכטער, ענגלישע קאַמאָן־לאָא איז אַ זאַמלונג פון די ענטשיידונגען פון ענגלישע דזשאָדזשעס. אין דעם מיטעלאַלטער האָבען די ביסקופען אומעטום געהאַט זייערע אייגענע קאָורטס, וואו עס פלעגען פערהאַנדעלט ווערען געוויסע ציוויל־פּראָצעסען. דערפון איז אויסגעוואַקסען דאָס קאַנאָנישע רעכט. ניט דער תלמוד האָט געשאַפען די אידישע געשעפטען און סכסוכים מיט וועלכע די אידען פלעגען קומען צו די רבנים, נור פערקעהרט, די אידישע רעכטס־טעאָריע, וואָס מען געפינט אין תלמוד, איז געשאַפען געוואָרען דורך די ענטוויקלונג פון די אידישע געשעפטען. אגב זיינען פיעלע פון די רבנים, וואָס האָבען אויסגעבילדעט דעם תלמוד, אליין געווען גרויסע געשעפטסלייט (ז. 249).

מילא, מכח דער אידישער אמונה מעג מען זיך פריי פאַנטאַזירען, אַז זי איז געבאָרען געוואָרען פון דער אידישער קאַפּיטאַליסטישער נשמה אין סאַכאַראַ, מחמת אין יענער צייט זיינען נאָך קיין מעטריקעס ניט געווען. איז אָבער דאָך פערשריעבען שוואַרץ אויף ווייס, ווי אַזוי דאָס „חזר־פרעסערישע אידענטום“ (ווי היינע כאַראַקטעריזירט דעם פּוריטאַניזמוס), איז געבאָרען געוואָרען אין סקאָטלאַנד און האָט זיך פערשפּרייט אין ענגלאַנד מיט אַ יאָהר דריי הונדערט צוריק. אויב דער פּוריטאַניזמוס איז די אייגענע זאַך ווי אידישקייט, טו הייסט דאָך שוין, אַז עס איז גאָר ניט קיין ראַסען־גייסט, וואָרים די פּוריטאַנער זיינען דאָך ניט געווען קיין „הייסער מדבר־פאָלק“. ווי־זשע קומט עס, וואָס די איינוואָהנער פון סקאָטלאַנד האָבען מיט אַ מאָל אָנגענומען די אידישע אמונה גראַד אין דער צייט, ווען עס האָט זיך ביי, זיי אָנגעהויבען די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזמוס? איז גאָר אַ סברה, אַז ווען די סקאָטלאַנדער האָבען זיך גענומען צו קאַפּיטאַליסטישע געשעפטען, האָבען זיי אָנגעהויבען צו דענקען קאַפּיטאַליסטיש, און ווען זייערע געדאַנקען האָבען זיך געווענדעט צו דער רעליגיאָן, האָט זיך זייער נייע קאַפּיטאַליסטישע געדאַנקען־ריכטונג אויסגעדריקט אויך אין זייערע אידעען וועגען רעליגיאָן און עטיקע? עס לעגט זיך דאָך אויפ׳ן שכל, אַז אויף דעם אופן האָט די פּוריטאַנישע אויסגאַבע פון דער אידישער רעליגיאָן געקענט צוגעפּאַסט ווערען צו דעם קאַפּיטאַליזמוס.

אָבער, מיט אַלע אנשטרענגונגען געלינגט עס זאָמבאַרט׳ן פאָרט ניט צו געפינען גענוג אידען אין יעדען לאַנד וואו עס ענטוויקעלט זיך דער קאַפּיטאַליזמוס. העלפט ער זיך אַרויס פון דער פערלעגענהייט מיט אַ גאַנץ זיכערן מיטעל: ער פאַררעכענט פאַר אידען די „קריפּטאָ־יודען“ (געהיימע אידען), דאָס הייסט ניט נאָר די משומדים, נאָר אויך זייערע קינדס־קינדער (זייטע 9). עס מאַכט איהם ניט אויס וואָס אין עטליכע דורות זיינען זיי שוין אין גאַנצען צומישט געוואָרען מיט אַנדערע פעלקער. ווער קען זאָגען צי די אידישע בלוט, צי די גוי׳אישע האָט פון זיי געמאַכט וואָס זיי זיינען געוואָרען? עס איז אַ פאַקט, אַז די אידען האָבען אין אַלע צייטען געליפערט אַ היבשע צאָהל משומדים, — ווי זאָמבאַרט צייגט אָן, ווייס מען פון זיי נאָך זינט דעם זיבעטען יאָהר הונדערט. היינט רעכענט, אַז יעדער משומד וואָס האָט זיך פאַרהייראַט מיט אַ גוי׳ע האָט איבערגעלאָזען סך הכל צוויי קינדער, צו פאַרנעהמען זיין פּלאַץ און זיין ווייב׳ס פּלאַץ אין דער וועלט, און אַזוי איז געגאַנגען כסדר, ס׳הייסט רעכענט גאָרנישט אויף דעם צוואוואַקס פון דער בעפעלקערונג. רעכענט פיער דורות אין יעדע הונדערט יאָהר. מאַכט אויס אַז פון יעדען אידען וואָס האָט זיך גע׳שמד׳ט מיט אַכט הונדערט יאָהר צוריק שטאַמען היינט צו טאָג אַן ערך דריי מאָל אַזוי פיעל מענשען ווי עס זיינען פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט (4,294,967,296). עס קומט אויס ניט אַנדערש אַז אַלע גוים זיינען „אידען“, אין זאָמבאַרטשען זין פון וואָרט. אויף דעם אופן וואָלט גאָר לייכט געווען צו באַווייזען מאַטעמאַטיש, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס שטאַמט פון אידען.

2.

לאָמיר איצט בעטראַכטען כסדר ווי אַזוי זאָמבאַרט פיהרט אויס, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס איז מזרע יהודי.

„דער פאַטער פון קאַפּיטאַליזמוס“, זאָגט ער, איז „דער נאָמאַדיזמוס“ (ז. 426). דאָס הייסט, אַז דער וואָרצעל פון קאַפּיטאַלס יחוס

ליעגט אין יענע צייטען ווען די מענשען זיינען געווען וואנדערער, ווייל זיי האָבען געלעבט פון זייערע סטאַדעס אָדער פון יאגד. אָבער פון דעם נאָמאדיזמוס ביז צום קאַפּיטאַליזמוס איז דאָך פּאָרט א היבשער שפּרונג, נו, טו פארשטעהט איהר, איז דער יודאיזמוס „דאָס בינדעגליעד" צווישען דעם נאָמאדיזמוס און דעם קאַפּיטאַליזמוס. דער איד איז א וואַנדערער פון נאַטור, האָט ער זיין וואַנדערגייסט אריבערגעבראכט פון סאכארא קיין אייראָפּא און האָט דאָרטען אויסגעטראכט דעם קאַפּיטאַליזמוס.

דער פארגלייך צווישען קאַפּיטאַליזמוס און נאָמאַדיזמוס איז ניט ניי. איהר געפינט איהם ביי איינעם פון די ערסטע רוסישע מאַרקסיסטען, פּראָפּעסאָר זיבער, אין אן ארטיקעל וואָס איז ערשיענען מיט א יאָהר דרייסיג צוריק. ער אָבער שטיצט זיך אויף די ענטוויקעלונג פון אייזענבאַהנען, וואָס טראנספּאָרטירען צעהנדליגע מיליאָנען מענשען פון איין פּלאַץ אויף דעם אַנדערן. די עהנליכקייט צווישען קאַפּיטאַליזמוס און נאָמאדיזמוס איז ביי איהם נאָר אן אויסערליכע, דער נאָמאדישער כאַראקטער פון דעם קאַפּיטאַליזמוס געפינט ביי איהם א מאַטעריאַליסטישע ערקלערונג: דאָס קומט פון דער היינטיגער טעכניק, ניט פון די פארצייטיגע פּאַסטוכער.

זאמבארט פארקעהרט זוכט אן אידעאַליסטישע ערקלערונג פון קאַפּיטאַליזמוס; ביי איהם שטאַמט דער קאַפּיטאַליזמוס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען גייסט; היינט ווען דער קאַפּיטאַליזמוס איז עהנליך צו זיין טאַטען, דעם נאָמאדיזמוס ע"ה, דארף מען געפינען מיט וואָס ער איז עהנליך. נו, פערשטעהט איהר, צו דעם קאַפּיטאַליזמוס דארף מען קענען צעהלען, א פּויער אָבער קען ניט צעהלען, ווייל ער האָט ניט וואָס צו צעהלען; א פּאַסטוך פארקעהרט מוז צעהלען זיין סטאַדע, דעריבער האָבען זיך די פּאַסטוכער (די נאָמאַדען) אויסגעלערנט צעהלען. און ווען דער איד, וואָס איז מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק געווען א פּאַסטוך און האָט זיך אויסגעלערנט צעהלען, איז געקומען צו די טייטשעשע פּויערים, האָט ער (מיט אַנדערהאַלבען טויזענד יאָהר שפּעטער) פאַר זיי „געמאַכט" דעם קאַפּיטאַליזמוס.

דאָ שטעלט זיך אָבער באַלד א פראגע — צוגעגעבען, אַז די טויזענדער יאָהרען וואָס די אידען האָבען געוואַנדערט אין דער מדבר האָבען ביי זיי אויסגעבילדעט דעם כאַראַקטער פון א וואַנדער פאָלק (ז. 418). נו, אויב די נאַטור פון דעם מדבר האָט געמאַכט אַזאַ טיעפען איינדרוק אויף דעם כאַראַקטער פון דעם אידען, הייסט דאָך אַז די נאַטור פון דעם לאַנד וואו א פאָלק וואוינט באַשטימט דעם כאַראַקטער פון א פאָלק. היינט, ווען די אידען וואַוינען שוין צוויי טויזענד יאָהר אין אַנאַנדער קלימאַט, וואו זיי האָבען קיין מעגליכקייט ניט צו לעבען ווי פּאַסטוכער, ווען זיי וואַוינען שוין צוויי טויזענד יאָהר אין שטעדט, טו איז דען ניט מעגליך, אַז דער לעבען פון שטאָדט האָט אין דער צייט פון צוויי טויזענד יאָהר אין גאַנצען איבערגעמאַכט זייער כאַראַקטער? נעהמט א מין חיה און ברייגנגט זי אַריבער אין אַ נייע סביבה, וועט זי זיך אין דער צייט פון אַ פּאָר טויזענד יאָהר צופּאַסען צו דעם נייעם קלימאַט, צו דעם נייעם פוטער, זי וועט זיך אקלימאַטיזירען, ווי מי זאָגט אין דער נאַטורוויסענשאַפט. ווען ניט, וועט דער מין אויסשטאַרבען. איז דען דער מענש אן אויסנאַהם? זיינען די היינטיגע אונגארן דיזעלביגע מענשען ווי די הונען, וואָס זיינען פאַר אַנדערהאַלבען טויזענד יאָהר געקומען פון מיטעל־אַזיען? זיינען די מינסקער אָדער די קאָוונער טאָטערן די זעלביגע מענשען ווי זייערע עלטער־עלטער־זיידעס, וואָס זיינען מיט זעקס־זיבען הונדערט יאָהר צוריק געקומען פון מאנגאָליע? איז דען אין דער אַנטראָפּאָלאָגיע (די וויסענשאַפט וועגען דעם מענש) אויף פּאַראַן אַ „קראָמיע יעווריעוו"?

זאמבארט אַליין לעגט אַ גרויס געוויכט אויף דעם, וואָס דער איד איז א קאָפּ־מענש, ווייל ער האָט זיך טויזענדער יאָהרען פּארנערט מיט קאָפּ־אַרבייט (ז. 421), — אָט דאָס אַליין איז דער איינפלוס פון דעם אידישען לעבען אין גלות א סך מעהר ווי פון דעם מדבר.

זאָגט אויף דעם זאמבארט, אז אפילו דער אידישער גלות ליעגט אין דער אידישער נאַטור: דער זאָמען פון גלות איז ביי דעם אידען שוין געלעגען אין זיין „גייסט", נאָך איידער ער איז אַוועק אין גלות. והא ראיה, וואָס דער איד עמיגרירט, און דער אינדוס עמיגרירט ניט (ז. 360)*). נו, האָבען אָבער זאָמבארטען אויף צו להכעיס די אינדוסען גראד אין דער לעצטער צייט גענומען אויסוואנדערן אין אַזעלכע צאהלען, אַז עס איז פון דערפון אַרויסגעוואקסען אַ פּאָליטישע פראגע אין קענעדאַ און אין סויטה־אפריקא, און דאָ ביי אונז אין אמעריקא וויל מען שוין פארשפּארען פאַר זיי די טהירען.

ווען מען בעטראכט, אַז אין די לעצטע צוואנציג יאָהר האָבען עמיגרירט אין אַמעריקאַ

*) „דיזע לעצטע ערוועגונגען האָבען אונז געצייגט דאָס די אידישע אייגענאַרט זיכער ניכט ערסט עטווא אין דער דיאַספּאָרא . . . אויסגעבילדעט וואָרדען איסט, זאָנדערן דאס די דיאַספּאָרא זעלבסט איין ווערק דיעזער אייגענאַרט איסט, די אַלזאָ שוין פאָרהער — ווענינגסטענס אין קיים פאָרהאַנדען זיין מוזטע" (ז. 360).

מעהרערע מענשען פון פארשיעדענע נאציאָנען איידער עס זיינען פאראן אידען אויף דער וועלט, ווי קען מען ערנסט בעהויפּטען, אז די אידישע וואנדערונג איז א ספּעציעלער כאראקטערצוג פון דער אידישער ראסע ?

3.

לאָמיר וויעדער איבערגעהן צו דעם פארגלייך צווישען קאפּיטאליזמוס און אידישקייט.

דער קאפּיטאליזמוס איז דער פּראָדוקט פון דעם קאפּיטאליסטישען גייסט, דער קאפּיטאליסטישער גייסט איז דער גייסט פון דער אידישער רעליגיאָן, און „די רעליגיאָן פון א פאָלק“ קומט פון זיין „וועזען“ (ז. 433), — דאָס איז דער לאָגישער גאנג פון זאמבארטס באווייזפיהרונג. אויב מען קען ווייזען סוף הכל, אז די אידישע רעליגיאָן איז קאפּיטאליסטיש, איז דאָך נאָך א פראגע, פון וואנען נעהמט זיך דאָס, — אפשר איז דאָס גאָר דער איינפלוס פון דעם קאפּיטאליזמוס אויף די רעליגיאָן, דעמאָלט פאלט דאָך זאמבארט׳ס גאנצע טעאָריע. ווען אָבער די רעליגיאָן ליעגט אין דער נשמה פון א פאָלק, קען מען דאָך שוין ניט אפּשטרייטען, אז די אידישע נשמה האָט עקזיסטירט טויזענדער יאָהרען פאר דעם קאפּיטאליזמוס. זאמבארט האלט טאקע אליין זעהר קנאפּ פון דער זאָגענאנטער „פאָלקס־זעעלע“. ער פארגלייכט זי מיט א טומאן וואָס אלצדינג ווייזט זיך אוים דורך איהם אין א פאלשע געשטאלט (ז. 302). פונדעסטוועגען פילאָזאָפירט ער זיך ווייטער איבער דער „אידישער פּסיכע“ (זייטען 320, 331, 432), אזוי ווי עס וואָלט געווען ערגעץ א נפקא־מינה, צי מי זאָגט אויף טייטש „זעעלע“, צי מי זאָגט אויף גריכיש „פּסיכע“*). און ווידער, איז דער „אידישער גייסט“ ניט דיזעלבע זאך ווי די אידישע פאָלקסזעעלע ?

זאמבארט גיט צו אליין, אז זיין גאנצע טעאָריע וועגען דער „אידישער אייגענארט“ איז פול מיט לעכער און באשטעהט פון א סך „רעטעניסען“, אויף וועלכע עס איז אין דער היינטיגער וויסענשאפט נאָך ניטאָ קיין ענטפער. (ז. 339). אין אנאנדער שטעלע זאָגט ער נאָך קלארער, אז „מיר בעזיצען נאָך דערווייל ניט קיין גענוגענדען מאטעריאל צו באווייזען, אז בעשטימטע ראסען האָבען א בעשטימטע גייסטיגע אייגענארט“ (ז. 385). ער לאכט אָפּ אליין פון די „ראסען־טעאָרעטיקער“, וועלכע ארגומענטירען אזוי : „יעדע ראסע האָט א ספּעציעלע אייגענארט, די אידען זיינען א ראסע על כן, ליעגט די היינטיגע אייגענארט פון די אידען אין דער באזונדערקייט פון זייער ראסע“. (ז. 384). אָבער אָקאָרסט האָט ער דאכט זיך געזאָגט, אז עס איז ניטאָ קיין שום באוויז פאר די ריכטיגקייט פון דער „ראסען־טעאָריע“, באלד כאפּט ער זיך און זאָגט, אז דערפון וואָס די „ראסען־טעאָרעטיקער“ קענען ניט באווייזען אז זייער טעאָריע איז ריכטיג, איז נאָך ניט געדרונגען אז זיי האָבען א טעות ווען זיי זאָגען, אז די „אידישע אייגענארט“ ליעגט ביי דעם אידען אין בלוט. וואָרים זייערע קריטיקער קענען ניט בעווייזען, אז די „אידישע אייגענארט“ ליעגט ניט ביי דעם אידען אין בלוט. דאָס הייסט, איבערדרעהען קאפּויר די כללים פון לאָגיקע. באווייזען דארף יענער וואָס קומט ארוים מיט א בעהויפּטונג ; ווען ער קען ניט באווייזען אז זיין בעהויפּטונג איז ריכטיג, דארף מען ניט באווייזען, אז זי איז אונריכטיג. דערמיט וואָס זאמבארט באצייכענט זיינע באהויפּטונגען מיט דעם נאטורוויסענשאפטליכען נאָמען „היפּאָטעזען“, איז ער ניט פטור. אין דער נאטורוויסענשאפט, ווען א געלערנטער זאָגט, אז עס איז א סברה, אז א געוויסע ערשיינונג קען ערקלערט ווערן אויף א געוויסען אופן, פערלאנגט מען פון איהם ער זאָל אליין ברענגען בעווייזע, אז זיין היפּאָטעזע שטימט מיט די פאקטען פון דער ווירקליכקייט און א דיזעלביגע פאקטען קענען ניט ערקלערט ווערן דורך ערגעץ אנאנדער אורזאכע. זאמבארט אָבער איז צופריעדען וואָס ער האָט געליפערט די היפּאָטעזע, לאָזען זיך אנדערע מטריח זיין צו געפינען די בעווייזע פאר זיינע היפּאָטעזען. אזעלכע „היפּאָטעזען“ קען מען זיך ערלויבען נאָר אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאפט וואו עס פארנעהמען נאָך עד היום א בכבוד׳ן פּלאץ געוויסע טעאָרעטיקער וואָס שפּינען זייער גאנצע וויסענשאפט פון פינגער.

מילא, איז וואָס־זשע ווייזט זיך ארוים פאר זאמבארט׳ן דער קאפּיטאליסטישער כאראקטער פון דעם אידישען פאָלקס־גייסט ?

„די פּראָפּאגאנטע פאראלעליטעט צווישען יודאיזמוס אונד קאפּיטאליזמוס“ ליעגט אין דעם ראציאָנאליזמוס (ז. 331). ס׳הייסט אין דער וועלט פון קאפּיטאליזמוס דארף אלצדינג האָבען א שכל, און דאָס, מיינט זאָמבארט, איז אויך דער גייסט פון דער אידישער אמונה. דאָס איז א מיינונג וואָס איז פארברייטעט צווישען די רעפאָרמירטע „יודען“, וואָס זוכען אריינצולעזען די אידעען פון דעם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט אין די ספרים וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען מיט צוויי טויזענד יאָהר פריהער.

דאָס לאָזט זיך אָבער ניט אזוי לייכט בעווייזען. די שטעלע וואָס זאָמבארט ציטירט פון הירש׳ס בוך „פערזוכע איבער ישראל׳ס פליכטען אין דער צערשטרויאונג“ באווייזט דעם היפּך פון זיין טעאָריע : דער איד דארף פאָלגען גאָט׳ס געבאָט, צי עס האָט א זין, צי

*)ביידע ווערטער באדייטען „נשמה“.

ניט, פשוט דערפאר וואָס גאָט האָט אזוי געהייסען, „ניכט וייל אויך דו זי פיר רעכט איינזעהעסט, דען אויך די געבאָטע, דערען גרונד דו אהנסט, זאָלסט דו ניכט דעסהאלב ערפילען, דען דאן געהאָרכטעסט דו נור דיר, און דו זאָלסט גאָט געהאָרכען" (ז. 263).

וואו איז דאָ די הערשאַפט פון דעם מענשליכען שכל, וואו איז דאָ דער ראציאָנאליזמוס?

מילא, וואָס צו גאָט, איז צו גאָט, וואָס צו לייטען, איז צו לייטען. און אין דעם טעגליכען לעבען קען דער „אידישער גייסט" אויסגעדריקט ווערן מיט איין וואָרט: „תכלית":

„פיר טהעריכטע שווערמער ווירד דער יודע יענע האַלטען, די דארויף ערווידערן ווערדען: ניכט תכלית, זאָנדערן טראגיק זיי דער אינהאַלט דעס לעבענס, דער אינהאַלט דער וועלט" (ז. 321).

דאָס הייסט, זאָמבאַרט מיינט, אַז די אידען וועלען האַלטען פאר נאַרישע בעלי חלומות די יעניגע, וועלכע זאָגען, אַז ניט דער תכלית, נור די טראגיק איז דער אינהאַלט פון לעבען, דער אינהאַלט פון דער וועלט.

ווי געפעלט דאָס אייך? איז נאָך פאראַן אַנאַנדער פאָלק אין דער גאנצער וועלטגעשיכטע וואָס ביי איהם איז דער אינהאַלט פון לעבען געווען אַזוי אָנגעפילט מיט טראגיק ווי ביי די אידען?

דער איד (שטעהט אנדערסוואו) איז „פריי פון אונפראקטישען אידעאליזמוס (ז. 334). און ווי ערקלערט מען די אלגעמיינע פערדאמונג פון שמד היינטצוטאָג אין רוסלאנד אפילו צווישען די אידען וואָס גלויבען גאָר ניט אין גאָט?

(שלום קומט)

אוים דער אידישער ליטעראַטור

אברהם רייזען, „אבענד־קלאַנגען" (א נייער באַנד ליעדער). ז. סעגאַלאָוויטש, „ווען די זון פער־געהט" (ליעדער).

קעגען רייזענ'ען רעדט מען ניט פיעל; די קריטיק האָט זיך מיט איהם גאָר וועניג אָבגעגעבען, דערפאַר לייענט מען איהם א סך און ליעב האָט מען איהם. און דאָס איז, כ'לעבען, א סך בעסער, איידער ווען די געשיכטע וואָלט געווען פערקעהרט.

רייזען אין אונזער ליטעראַטור איז ווי יענער אַלטינקער זיידע אין א גרויסער פאַמיליע. קיינער קוקט זיך אויף איהם, דאַכט זיך, גאָר ניט אום; יעדערער איז פערנומען מיט זיינע אייגענע עסקים; אין שטוב איז א רעש, א טומעל, א הו־הא. אָבער יעדען איז אזוי זיס אויפ'ן הארצען, וואָס ס'איז דאָ דאָרט אין ווינקעלע א שטילער, ליעבער זיידע מיט א גוטען שמייכעל אויף די ליפען. און פרובט: זאָל דער זיידע ערגעץ פערשווינדען, וועלען אַלע פיהלען, אז זיי פעהלט עפעס.

רייזען אין אונזער ליטעראַטור געהט זיך זיין וועג — שטיל, געלאַסען, בנעימות'דיג, מיט א האַלב־מיעדען שמייכעל אויף די ליפען. דאַכט זיך: איהר קענט איהם שוין גוט. דאַכט זיך: איהר וועט שוין פון איהם קיין נייע ווערטער ניט הערען. אָבער געהט ארוים א נייע זאַמלונג פון זיינע נאָוועלען אָדער ליעדער, כאַפט מען זיך צו זיי פריהער ווי צו אַלצדינג, און עפעס אזוי וואַרים, היימליך ווערט אייך אויפ'ן הארצען, ווען איהר לייענט זיי. עס איז דער אַלטער, דורך־און־דורך בעקאַנטער רייזען, אָבער אַלעמאָל געפינט איהר אין זיינע זאַכען א נייעם אָבקלאַנג, א נייעם קנייטש, א נייעם איינפאַל. און איהר טראַכט זיך: עס איז גוט, וואָס ס'איז דאָ א רייזען אויף דער וועלט...

אין דעם נייעם באַנד ליעדער קעהרט זיך

רייזען אַלעמאָל אום צום גערדאַנק וועגען אַלטקייט. שוין די זאַמלונג אַליין האָט ער אָנגערופֿען „א ב ע נ ד־קלאַנגען“. ער האָט

גערטראַכט פון די ביסעלע יאָהרען,
וואָס זיינען זיך רוישיג צופאָהרען...
געבליבען צו פאָהרען ניט פיעל —
עס טונקעלט... פאַרנאַכט... עס ווערט קיהל !...

אין אַן אַנדער ליעד, וואָס דאַרף דיענען אלס שלום־אקאָרד צום גאַנצען זינגענדיגען בוך, שרייבט ער :

דאָס שעהנסטע ליעד־געזאַנג,
די שעהנסטע מעלאָדיען,
ניט זינג ביים בליהען,
נור זינגט ביים אונטערגאַנג.

דאָס בליהען, פריינד, איז שעהן,
עס זינגט און קלינגט אַליין !
דער אונטערגאַנג איז וועה און מיעד,
פערזינג, פערקלינג עס מיט א ליעד !...

עס קומט אויס, אַז דער דיכטער פיהלט זיך, ווי אַן אַלטער מאַן, ווי א מענש, וואָס דערנעהנטערט זיך צום אונטערגאַנג. דאָס איז, נאַטירליך, נור א שטימונג, א פּאָעטישע עמפּפינדונג. דאָס איז ניט קיין סימן פון שוואַכקייט. אין די „אבענד־קלאַנגען“ איז, פערקעהרט, א סך מעהר לעבען און א סך העלערע פאַרבען, ווי אין די פריהערדיגע רייזענ׳ס ליעדער. די דאָזיגע שטימונג פון „אַלטקייט“ האָט אָבער אריינגעטראָגען אין זיינע געזאַנגען א בעזונדערען, נייעם טאָן. דער פּאָעט פיהלט זיך אָפּט העכער פונ׳ם לעבען, העכער פון גוטס און שלעכטס — און א גרויסע האַרמאָנישע רוה לאָזט אראָב איהרע פליגלען אויף זיין נשמה. דאָס איז די פילאָזאָפישע רוה פון אַלצדינג־וויסען און אַלצדינג־פערגעבען.

כ׳טראָג א האַרץ פול ליעבע,
כ׳בין מיט ליעבע רייך :
גוטע מענשען, שלעכטע —
אַלע זיינען גלייך.

אַלע ש פּ י ע ל ע ן זיך נור, אַלע זיינען ווי קינדער : מ׳איז יונג און מ׳איז אַלט, און מען ליידט און מען יאָגט זיך נאָך גליק און מען מאַטערט זיך אין נעצען פון ביטערע גערדאַנקען. דער דיכטער אָבער בעטראַכט דאָס אַלעס פון אויבען, און האָט מיטגעפיהל מיט אַלעמען :

קוק מיט פאָטער־אויגען
אויפ׳ן קורצען שפּיעל...
גיב זיך אָפּט א בייזער,
אָבער ניט צו־פיעל !

דען די קינדער שפּיעלען
ביז ס׳פערגעהט די זון,
און זיי געהען שלאָפען —
ס׳איז קיין רייד דערפון !

מיט דערזעלביגער גרויסמוטיגער רוה בעגעגענט דער דיכטער זיין אייגענעם שווערען מזל. ס׳איז דען כדאי זיך צו ערגערען, צו ברויזען מיט כעס און ליידענשאַפט, וואָס דאָס מזל טהוט כסדר אַלץ קאַפּויר ? דאָס גאַנצע לעבען איז דאָך נור א שפּיעל — „ביז ס׳פערגעהט די זון“. נו, וואָס־זשע, זאָל זיין !

וואָס איך בעט און וואָס איך וויל,
ווילסטו קיינמאָל ניט ערפילען ; —
מזל, אויב דאָס איז א שפּיעל,
דאַן געפעלט מיר — לאָמיר שפּיעלען !...

אין די „אבענד־קלאַנגען“ איז פאַרהאַן ניט קיין סך אזוינע ליעדער, וואָס דערצעהלען אונז דירעקט וועגען אָט דער גרונד־שטימונג פון רייזענ׳ס איצטיגען שאַפען. אָבער אַן אָבקלאַנג פון דער דאָזיגער שטימונג פיהלט זיך כמעט אין אַלע ליעדער פון דעם נייעם בוך — און דאָס מאַכט זיי ערנסטער, צייטיגער, בעדייטונגספולער, זיי בעקומען דורכדעם א פולערען, טיעפערען קלאַנג.

דער דיכטער לעבט מיט אַלצדינג, וואָס ס׳טהוט זיך אויף דער וועלט. ער איז ווי דער טייערפטער אינסטרומענט מיט אַן אונענדליכער צאָהל סטרונעס. טהוט זיך עפּעס אין דער אויסען־וועלט, — קלינגט און ציטערט און זינגט שטילערהייט אַן ענטפערענדע סטרונע. אָבער אין דערזעלבער צייט הערט ניט אויף צו קלינגען דער גרונד־טאָן, וועלכער גיסט זיך וואונדערבאַר צונויף מיט אַלע איבריגע מאָטיווען.

די גאַמע פון רייזענ׳ס מעלאָדיען איז אין איצטיגען באַנד א סך ברייטער און רייכער, איידער אין אַלע פריהערדיגע. דאָס ליעד פון שוואַכקייט, פון קבצנות, פון עלענדקייט בעגעגענט זיך נאָך איצט אויך („עס בעפאַלען מיך אנגסטען פון לעבען, עס בעפאַלט מיך פון לעבען דער שרעק“, אָדער : „שוואַרצע דיקע כמאַרעס אויף מיין הימעל הענגען ; וואָס־זשע טראָגט איהר, כמאַרעס, וואָס וועט איהר מיר ברענגען ?“). אָבער די דאָזיגע טעמעס פערנעהמען שוין ניט דעם אויבען־אָן. דער פּאָעט האָט דערפיהלט, אַז ס׳איז דאָ א ברייטערע וועלט מיט א גאַנצען ים פון געפיהלען, מיט א גרויסען אוצר פון געשטאַלטען.

און ער רופט זיך אָב.

אָפט פיהלט איהר ביי איהם ג אָ ר א שטאַרקען וועהטאָג, גאָר א שנײַדענדיגען, שאַר־

פען שמעריז, וואָס איז איהם פריהער געוועזן אומבעקאַנט:

„מיר דאַכט זיך, די ערד איז צושטויסענער גלאָז,
און איך געה —
די פיס זיינען נאַקעט, און שפּיציג דער גלאָז —
עס טהוט וועה!“

אָפּט דערהערט איהר ביי איהם א לייכטזיניגען, שטיפערישען, אינגעלשען טאָן: געלעבט איז געלעבט!

ליעבסטע, א שמעטערלינג זיין וויל איך אויך,
מיר געפעלט!
קורץ איז דאָס לעבען, עס איז נור א הויך
אין דער וועלט!

אמאָל איבערראַשט ער אייך מיט א ליעבער וויציגער סאַטירע. א פויגעל א וואַנדערער קומט פון ווייטע לענדער און געפינט זיין נעסט צושטערט. דער בוים — דער רוהיגער, געזעצטער בעל הבית — הויבט איהם אָן מוסר'ן, וואָס ער טראַכט ניט פון זיין תכלית. דער בוים בעריהמט זיך: זעה, ווי איך שטעה, אזוי פעסט, אזוי זיכער!

דער פויגעל, ער שווייגט, אויפ'ן מויל ווי א זיעגעל.
ער טראַכט: „דו האָסט וואָרצלען, איך אָבער —
פליגעל!...“

אָפּט רעדט דער דיכטער פון ליעבע. און אויך דאָ פיהלט זיך, אז ער איז טיעפּער, ערנסטער געוואָרען. דער אלטער נאָגענדער טאָן איז כמעט ווי פערשוואונדען. עס איז דאָ וועהטאָג (ווי איז דען מעגליך ליעבע אָהן וועהטאָג?), עס איז דאָ בענקשאַפט (דאָס איז דאָך שטענדיג דער שאָטען פון ליעבע), עס איז אָבער ניטאָ דער וויינענדיגער ניגון, וואָס פלעגט אָפט קלינגען אין רייזענ'ס ליעבע־ליעדער. גאָר פלוצלונג קען דער פּאָעט זיך צולאַכען — פריש, הויך, לעבעדיג, פונ'ם פולען הארצען, ווי אן אמת'ער קלוגער פילאָזאָף.

וואָס איז פריהלינג? פריהלינג איז ליעבע.
וואָס איז ליעבע? ליעבע איז פריהלינג.
פריהלינג און ליעבע — פון גאָט'ס גנאָדען ביידע,
ביידע א גאָלדענער, ליכטיגער צווילינג.

זאָל זיין: דעם פּאָעט אליין איז אזא ליעבע ניט בעשערט, אָבער דעם ווערטה איהרען פערשטעהט ער, און זינגען קען ער פון איהר מיט א העלען טאָן.

און עס איז אזוי נאַטירליך, וואָס רייזען האָט זיך איצט אומגעקוקט אויף דעם אייביגען בוך פון ליעבע — „שיר השירים“. רייזען האָט גענומען איינצעלנע מאָמענטען, איינציגע שורות פון דעם גרויסען געזאַנג, און האָט זיי איבערגעדיכטעט, איבערגעשמאָלצען אויף זיין אייגענעם שטייגער. זיינען ארויסגעקומען אויסגעצייכענטע קליינע געדיכטען. דער ריטם פון דער ביבעל איז פערשוואונדען אינגאַנצען, אָבער אין רייזענ'ס פּאָעזיע זיינען צוגעקומען עטליכע בלומען. אזוי איז בעזונדערס דאָס ליעד אויף דער טעמע: „מי יתנך כאח לי“:

איך וואָלט פאַר א ברודער דיך האָבען געגלוסט,
וואָס האָט ביי מיין מאַמען געזויגען די ברוסט,
דאַן וואָלסטו געוועזן מיר ניט פרעמד און ניט ווייט,
און קושען דיך וואָלט איך אין גאַס צווישען לייט.

איינס פעהלט אין דעם נייעם בוך כמעט אין גאַנצען: קאַמפּפס־מאָטיוועז. דאָ צאָהלט רייזען מס דער געשלאָגענער שטימונג אין דער אידישער וועלט. אָבער דער אידעאַל פון פרייהייט און פון סאָציאַלע גערעכטיגקייט הערט ניט אויף צו לעבען אין זיין נשמה. און ס'איז איהם איינגעפאַלען אן אויסגעצייכענטער געדאַנק: אויסנוצען די ווערטער פון די נביאים, וועלכע ריידען פון פרייהייט און שטראָפען די שלעכטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. די פּראָבע איז איהם גלענצענד געראָטען און מיר האָבען פאַר זיך א פּראַכטפאָלע סעריע סאָציאַלע ליעדער. די בעסטע זיינען, דאַכט זיך, פון ירמיה, אויפ'ן מאָטיוו „הוי החוקקים“ און „הוי בונה ביתו“:

וועה איז יענעם אויף דער וועלט,
ווער זיין הויז אָהן משפט שטעלט,
און דעם חבר אויסגענוצט,
און די צימערען פערפוצט,
און די ווענד געפאַרבט פערשיעדען
מיט דער אַרבייט פון דעם מידען.
ניט קיין פאַרב איז דאָס, נור בלוט!
וועה איז יענעם, ווער דאָס טהוט...

צו די סאָציאַלע ליעדער געהערען אויך די עטליכע, וואָס ריידען וועגען די אמעריקאַנער אידען. רייזען, ווי כמעט אלע היינטיגע אידישע שרייבער, איז דאָך נור א העלפט — א רוסישער, מיט דער אנדערער העלפט איז ער איינגעוועבט אין אמעריקאַנער לעבען. ווי אן אמת'ער דיכטער, פיהלט ער דעם אינוועניגסטען ציטער פון די אידישע נשמות אין אמעריקאַ, די צוריסענקייט פון דעם לעבען, וואָס איז האַלב אויף ד ע ר זייט אָקעאַן, האַלב אויף י ע נ ע ר זייט. איך קען ניט קיין שעהנער ליעד אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי די זעקס שורות פון רייזענ'עז, וועלכע זיינען געווידמעט זיינע אמעריקאַנער חברים:

עס ציהט זיי צום שורש, עס ציהט זיי צום שטאַם,
די אָרימע ברידער פון יענער זייט ים.
עס רוישט און עס ברויזט די געפונענע וועלט,
די נייע, די פרייע — אויף גיך אויפגעשטעלט.
עס ציהט זיי צו אונז און אונז ציהט צו זיי,
און קראַנק זיינען ברידער אין וועלט־טיילען צוויי.

ווי וועניג ווערטער — און וואָס פאַר א אויפריכטיגקייט פון געפיהל און אויסדרוק!

עס איז שווער זיך צו שיידען פון דעם נייעם בוך לידער. עס איז אין זיי דאָ אזוי פיעל האַרץ און אזוי פיעל האַרציגקייט, און אזוי פיעל ריינע, אויסגעלייטערטע שעהנקייט. די שפּראַך איז אין זיי — אן אמת'ע מוזיק, די ריטמען זיינען, אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע, א סך קלינגענדער און רייכער. די פּאָאר אונגעלונגענע זאַכען, וואָס האָבען זיך אריינגע'גנב'עט אין די „אבענד־קלאַנגען" („די היילונג", „דער גרויסער ים") קענען ניט שטערען דעם אלגעמיינעם איינדרוק פון עפּעס א פערענדיגטען, אין זיך געשלאָסענעם, האַרמאָנישען גאַנצען.

יאָ, אויב דער דיכטער איז באמת „אַלט" געוואָרען, קענען מיר אזאַ אַלטקייט נור בענריסען.

* * *

גאָר פון אַן אַנדער שניט איז ז. ס ע ג אַ ל אָ וו י ט ש. אויך ער האָט אָנגערופען זיין ביכעלע לידער: „ווען די זון פערגעהט", אָבער די ווערטער דאַרף מען ניט פערשטעהן סימבאָליש: פראָסט פּשוט דער פּאָעט האָט אָנגעשריבען א רייה אידיליעס און בילדער, וואָס מאָלען די נאַטור און די שטימונגען פון מענשען, ווען די זון פערגעהט.

אַלט וויל סעגאַלאָוויטש אפילו ניט אויסדאַכטען. וועגען אבענד־שטילקייט און אבענד־האַרמאָניען א י ן ז י י ן א י י ג ע נ ע ר נ ש מ ה טראַכט ער גאָר ניט. גנב'עט זיך אמאָל אריין א באַנג־געפיהל אין זיין ברוסט — פעריאָגט ער עס באַלד:

עס קלינגען שטיל די אבענד־גלאָקען
און רופען אַלץ צו רוה און פריעד.
...האַרץ, מיין האַרץ, ניט זיי דערשראָקען!
איך זינג נאָך ניט דאָס לעצטע ליעד.

און פונדעסטוועגען איז פאַרהאַן א געוויסע קרובה'שאַפט צווישען סעגאַלאָוויטש'ן און רייזענ'ען. אפשר איז דאָס די קרובה'שאַפט פון א תלמיד צו זיין רבי'ן.

עס איז ניטאָ קיין ספק, אז רייזען האָט געהאַט אויף סעגאַלאָוויטש'ן א גרויסע ווירקונג. פיעלע סעגאַלאָוויטש'עס לידער וועט איהר בשום אופן ניט אונטערשיידען פון רייזענ'ס. פערגלייכט, למשל, אזוינע סעגאַלאָוויטש'עס שורות:

איך בעט ביי די הימלען, זיי זאָלען מיר שענקען
א ביסעלע רוה...
עס וויל מיין נשמה זיך ערגעץ בעהאַלטען
און ווייסט אַלץ ניט וואו...

אָדער:

יוגענד, יוגענד, קרוין פון ליעבע!
האָסט קיין פרייד מיר ניט געגעבען;
האָסט מיט זאָרג געשמידט מיין ווילען;
ניט געלאָזען פריי זיך שפּיעלען.

דאָס איז דאָך רייזען מיט אַלע פּישטשיוורקעס: דער ריטם, די שטימונג, דער פערז — אַלצדינג.

סעגאַלאָוויטש איז אָבער ניט נור א נאָכמאַכער. ער האָט אייגענס אויך. און דאָס אייגענע פערשפּערכט אונז, אז מיר וועלען מיט דער צייט האָבען אין סעגאַלאָוויטש'ן א גוטען אידישען דיכטער.

ער האָט זיך נאָך זעהר ניט לאַנג בעוויזען אין דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך נאָך ניט בעפרייט פון פרעמדען איינפלוס. ער מערקט שוין אָבער ביסלעכוויז אָן זיין בעזונדער וועלטעל. דאָס וועלטעל איז לופטיג, ליכטיג, מיט צאַרטע, האַלב־פערשוואומענע ליניען, מיט פערשיעדענאַרטיגע אַקוואַרעל־פאַרבען. עפּעס א בעזונדערע ל י י כ ט ק י י ט, כמעט א לייכטזין, מערקט זיך אין זיינע לידער. צווישען אונזערע פערטרויערטע לירוקער איז דאָס א נייעס. און דאָס בעווייט נאָך א מאָל, אז די טרויעריגע רייזען־מאָטיווען פליסען ניט פון דער טיעפעניש פון זיין נשמה און ווערען נור געשריבען, ווייל אזוי האָט דאָס ביז גאָר ניט לאַנג פערלאַנגט די מאָדע.

הערט זיך איין אין אזאַ מין סעגאַלאָוויטש'עס ליעד:

אויפ'ן באַרג איז דער שנעע ניט געריהרט,
אויפ'ן באַרג האָט דער ווינד בלויז שפּאַצירט...

איצטער רייצט מיך די ווייסקייט און בלענדט,
איצטער האָב איך גאָט'ס לעבען דערקענט.

אונטען שיינען די הייזלעך אין שנעע,
און דער נאָדעל־וואַלד גרינט נעבען זיי.

און די בלאָהקייט פון שלענגעלע רויך
שיקט א האַרציגען גרוס אין דער הויך,

שיקט פון דערפעל א האַרציגען גרוס —
נור איך וואַנדער שוין ווייטער... איך מוז.

די נאַטור־בילדער און נאַטור־אידיליעס זיינען די בעסטע אין דעם נייעם ביכעלע. פיעלע פון זיי לעזען זיך מיט אַן אמת'ען עסטעטישען פערגעניגען.

סעגאַלאָוויטש איז נאָך יונג. עס דאַכט זיך: אין איהם ליגען נאָך פיעלע מעגליכקייטען פערבאָרגען. הלואי זאָלען זיי ווערען פערווירקליכט.

ש. ראבינאָוויטש

צווישען די רוסישע זשורנאַלען

(גאָרקי און דאסטאיעווסקי)

איינע פון די וויכטיגסטע פּאַסירונגען, וואָס איז פאָרגעקומען מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק אין רוסלאנד, איז, אָהן צווייפעל, דאָס וואָס גאָרקי האָט זיך צוקריעגט מיט'ן „מאסקאווסקי חודאזשעסטווענני טעאַטער“. מען דאַרף וויסען ווי גאָרקי האָט געליעבט דעם טהעאַטער, וואו עס זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען זיינע בעסטע דראַמען, אום צו פערשטעהן פאַר וואָס דאָס האָט געמאַכט א רושם אויפ'ן דענקענדען, אינטעלעגענטען רוסלאַנד. דאָך וואָלט דאָס געווען בלויז א פּערזענליכער ארויסטרעט, א קריעג צוליעב אַן אייגענער אונצופריעדענהייט, וואָלט דאָס נאָך ניט געווען קיין „וויכטיגסטע פּאַסירונג“. די צייטונגען, די זשורנאַלען וואָלטען, ווארשיינליך, וועגען דעם אבגעגעבען א בעריכט, דער פּובליקום וואָלט זיך געוואונדערט און מיט דעם וואָלט זיך דאָס געענדיגט. אָבער די צייטונגען און זשורנאַלען האָבען אין פערלויף פון איינוגע מאָנאַטען ניט אויפגעהערט צו שרייבען וועגען דעם „אינצידענט“, די זשורנאַלען זיינען פּארפּלייצט געווען מיט פּאָלעמישע ארטיקלען און שרייבער און קריטיקער און רעצענזענטען האָבען זיך ניט געקענט בערוהיגען און האָבען געהאַלטען אין איין רייסען זיך וועגען דעם: ווער איז גערעכט צי גאָרקי, צי דער טהעאַטער.

דאָס ווייזט קלאר, אז גאָרקי'ס ארויסטרעט האָט אָנגעריהרט אַן אנגעוועהטאגטען פּונקט אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון רוסלאַנד.

פּארוואָס האָט זיך איינער פון די בעסטע רוסישע טאַלאַנטען צוקריגט מיט איינעם פון די בעסטע רוסישע טעאַטערע?

דערפאר וואָס דער חוד. טהעאַטער האָט אויפגעפיהרט איינעם פון דאסטאיעווסקי'ס ראָמאַנען, דראַמאַטיזירט פון נעמיראָוויטש־דאַנטשענקא — די שדים (בעסי).

אָט דאָס אַלעם? איהר קוועטשט מיט די פּלייצעס. ערשטענס איז דאָך דאסטאיעווסקי א גרויסער טאַלאַנט... טאָ וואָס פאר א פּאַר־ברעכען איז דער טהעאַטער בעגאַנגען מיט דעם וואָס ער האָט אויפגעפיהרט דעם גרויסען טאַלאַנט'ס ווערק? און צווייטענס, בלויז צוליעב איין פּיעסע?...

אום דער לעזער זאָל פארשטעהן וואָס עס איז פאָרגעקומען מוזען מיר זאָגען א פּאָאָר ווערטער וועגען דאָסטאיעווסקי'ן בכלל און זיין ווערק „די שדים“ בפרט.

דאסטאיעווסקי איז א גרויסער טאלאנט, אַ מערקווירדיגער פּסיכאָלאָג, וועלכער האָט טיעף אַריינגעדרונגען אין דער מענשליכער נשמה, און צו דער זעלבער צייט אָבער איז דאסטאיעווסקי געווען אַ מעניש אַ פערביסענער, אַ פערביטערטער מיט אַ קראַנקהאַפטער פּאַנטאַזיע. עס זיינען געווען צוויי דאסטאיעווסקים: איינער — דער מאַהלער פון די ארימע און אונטערדריקטע, וועלכער וועט קיין מאָל ניט פּארגעסען ווערען, און דער אנדערער דער רעאַקציאָנער, דער אַנטיסעמיט, דער שאָוויניסט, פון וועמען יעדער דייַנקענדער מענש האָט זיך אָבגעקעהרט מיט פעראַכטונג. דאָרט וואו ער מ א ה ל ט איז ער גרויס; דאָרט וואו ער ד ר ש'ע ט — איז ער קליין. זיין צרה'דיגער פּערזענליכער לעבען האָט דאָ זעהר פיעל געווירקט.

אין 1843 האָט ער געענדיגט אַ יונקערס שוהלע און איז ארויס פון דאָרטען אַן אָפיציער. אין 1844 האָט ער אָנגעשריעבען זיין ערשטע ערצעהלונג „אָרימע מענשען“ און האָט עס אַוועקגעטראַגען ווייזען בעלינסקי'ן. דער גע־ניאַלער קריטיקער האָט גלייך דערשפּירט, אַז עס וואַקסט אַ גרויסער טאַלאַנט. ער איז אַרויפגעפאַלען קושען דעם יונגען שרייבער און ער האָט איהם שטאַרק געדריקט צום האַרצען. „אַי וואָס פאר אַ טאַלאַנט“, האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייען. דאסטאיעווסקי האָט דאַן אויפגעגעבען זיין אָפיציערסטווע און זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען דעם שרייבען און איז געוואָרען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פון קראַיעווסקי'ס זשורנאַל. זיין שרייבען אָבער האָט איהם קיין עשירות ניט געבראַכט און ער האָט גאַנץ אָפט געליטען הונגער.

אין 1849 איז ער געוואָרען אַ מיטגליעד

פון דער בעריהמטער רעוואלוציאנערער גרופע — פעטראשעווצעס. אין אפריל 1849 איז ער ארעסטירט געווארען און דעם 22טען דעצעמבער איז ער פער׳משפט געווארען צום טוידט. און דעם זעלבען טאג האט מען איהם געפיהרט צום היגריכטונגס־פלאץ. אבער אין דעם זעלבען מאמענט, ווען די סאלדאטען האבען אנגעשטעלט זייערע ביקסען אויף איהם — איז געקומען פון קסר א בעגנאדיגונג. מען האט איהם פארביטען טוידט־שטראף אויף לעבענסלענגליכע געפענגנים אין סיביר. נאכדעם ווי ער איז אבגעזעסען פיער יאהר אין קאטארזשנער טורמע, האט מען אומגעביטען אסטראג אויף לעבענסלענגליכע מיליטער־דיענסט. ווען אלעקסאנדער דער צווייטער איז ארויף אויף׳ן טראן, איז דאסטאיעווסקי בעפרייט געווארען. ער האט חתונה געהאט, אבער ער איז ניט געוועזן גליקליך אין זיין פאמיליען לעבען. זיין פרוי איז אין גיכען געשטארבען. און ווידער ארמוטה און נויטה . . . .

מיר האבען אין קורצען איבערגעגעבען די געשיכטע פון זיינע אינערליכע ליידען, אום דער לעזער זאל פערשטעהן, ווי אזוי איז דאסטאיעווסקי געווארען א גייסטיגער „קריפעל“. ער האט אויסגעשטאנען אלע שרעקען פון דעם גרויזאמען טויידט, ער איז יאהרען־לאנג געוועזן פערשפארט מיט אויסוואורפען פון דער געזעלשאפט און יאהרען־לאנג איז ער געוועזן נע־ונד און געליטען פיזיש און מאראליש. אם ענדע איז ער ארויס א צובראכענער, און ערנידריגטער, מיט א פערביטערטער הארץ, מיט א קראנקער נשמה און קראנקען גוף (ער איז געוועזן אן עפילעפטיקער).

צווישען די רוסישע מארטירער האבען זיך געפונען און געפינען זיך טויזענדער, וועלכע זיינען פון די פערפאלגונגען פון דער רעגיערונג, ווי שרעקליך זיי זיינען ניט געוועזן, ארויס מיט נאך מעהר מוטה, מיט מעהר שטאלץ און מיט פערשטארקטע שטרעבונגען צו קעמפפען פאר פרייהייט. דאסטאיעווסקי אבער האט ניט אויסגעהאלטען און זיין גייסט איז ערנידריגט געווארען. ניט קאמפף האט ער געפרעדיגט. ער האט געפרעדיגט געדולד או שקלאפעריי; ער האט גע׳דרש׳ענט, אז צו ליידען איז דער העכסטער־אידעאל פון מענשהייט און אז דורך דעם שווערען, אונערטרעגליכען לעבען ווערען די נשמות איידעלער, ריינער. און דאסטאיעווסקי אליין האט אנגענומען פאר ליעב די מעשים תעתועים פון דער רוסישער רעגיערונג. אין זיינע לעצטע ווערק: „די שדים“ (1867) „דער אידיאט“ (1869) און „די ברידער קאראמאזאווס“ (1881) האט ער ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט זיינע רעאקציאנערע אידעאלען. אין די „שדים“ מאהלט ער די רעוואלוציאנערען ווי העסליכע בעשעפענישען, מערדער און וואס ניט. און אט די „שדים“ האט אויפגעפיהרט דער „מאסקאווסקי חודאזשעסטווענני טעאטער“.

גארקי איז ארויסגעטראטען מיט א הייסען פראטעסט. ער האט גערופען די פראגרעסיווע געזעלשאפט צו אפקעהרען זיך פון דעם טהעאטער, אויב ער וועט ניט אומבייטען זיין רעאקציאנערע טאקטיק. דער טהעאטער איז געוועזן זיין ליבלינג, אבער ער איז געווארען א פעררעטהער. אין דער צייט ווען די רעגיערונג דריקט און שטיקט אויף רעכטס און לינקס, ווען די רעאקציא האט אויפגעהויבען איהר קאפ און טרעט אונטער די פיס אלעס וואס איז הייליג און טהייער — געהט דער בעסטער רוסישער טהעאטער, וועלכער איז געוועזן אזוי טייער דער ראדיקאלער רוסישער אינטעליגענץ, און רופט ארויס דאסטאיעווסקי׳ס פינסטערען שאטען און פערליימדעט מיט דעם די פרייהייטס־בעוועגונג !

איצט איז קלאר פאר וואס איז גארקי׳ס ארויסטרעט אזא וויכטיגע פאסירונג.

עס איז געווארען א טומעל, א געפילדער. עס זיינען ארויסגעקראכען די פערטהיידיגער פון דער „ריינער קונסט“ און מען האט ניט געזשאלעוועט קיין אויסגעדראשענע ווערטער און מען האט „בעוויעזען“, אז גארקי איז „טענדענציעז“, אז גארקי פארשטעהט ניט און שעצט ניט „אמת׳ע קונסט“, אז ער וויל איינפיהרען א שטרענגע צענזור און ז. וו. פון דער אנדער זייט האבען זיך אלע „יונגע“, אלע די וועמען עס איז טהייער דאס פרייע רוסלאנד, געשטעלט אויף גארקי׳ס זייט און מיט ענטהוזיאזם האבען זיי איהם פערטהיידיגט.

די „רוסקיע אטקליקי“ ברייגען פארשידענע מיינונגען פון פארשידענע שריפטשטעלער.

— „ווער עס וויל קעמפפען געגען אידעען מיט געוואלט־מיטלען . . . יענער גלויבט ניט . . . אין זיינע אייגענע אידעאלען“ — זאגט איוואנאוו ראזומניק — געהט גארקי אויף׳ן זעלבען וועג ? — טענה׳ט איוואנאוו ראזומניק.

— „ . . . די מאכט (פון דער רעגיערונג), אדער דער געזעץ אין פרייע, ענטוויקעלטע לענדער מעג, ווען עס איז נויטיג, ניט דערלאזען, פארוועהרען פארשיעדענע טהאטען“ — זאגט בעלארוסאוו — „אבער די געזעלשאפט, פארשיעדענע פאליטישע גרופען טארען דאס ניט טהאן. דעריבער קענען די נאציאנאליסטען אין פראנקרייך פריי מאניפעסטירען פאר דער סטאטוע פון סטראסבורג, די קאטאליקען — פאר דזשאנא ד׳ארק, די סאציאליסטען אויף פער־לאזשען. און דאס גלייכען . . . וואס וואלט פארגעקומען, ווען די ראדיקאלען וואלטען געשטערט די מיטינגען פון די סאציא־

ליסטען; די אטעאיסטען וואָלטען צוטריבען די קאטאָליקען און ז. וו.? דאָס לעבען וואָלט זיך פערוואנדעלט אין א גיהנם און די בירגער פון דער רעפּובליק וואָלטען אָנגעהויבען צו טרוימען וועגען אזא פּאָליטישע מאכט, וועלכע זאָל קיינעם ניט געבען די רעכט פריי עפּעס צו טהאָן . . . קוקענדיג פון דעם שטאנדפּונקט, מוז איך זאָגען, אז גאָרקי'ס פערזוך ארונטערצורייסען די „שדים" איז נאָר מעגליך אין א לאנד וואָס איז נאָך זעהר ווייניג ענטוויקעלט... אידעען קען מען ניט ארונטעררייסען . . . נאָך מיין מיינונג נאָך דארף מען ניט שטערען דעם הודאזשעסטווענעם טעאטער, אזוי ווי אירגענד וועלכען טעאטער, שטעלען וועלכע פּיעסען ער וויל . . . מיר וועלען פון דאָרטען נעהמען אלעס גוטעס און מיר וועלען זיך אָפּקעהרען פון אלעס וואָס מיר רעכענען פאר שלעכט . . . ."

„געוויס, זאָגט פּ. מ—ן, זיינען די העסליכע טיפּען פון די „שדים" געווען פאר דאסטאיעווסקי'ן פיעל שווערער ווי פאר אונז. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפען . . ."

קוסקאָווא גיט גאָרקי'ן גערעכט. זי דענקט. אז איצט איז ניט די צייט צו מאכען חוזק פון רעוואָלוציאָנערען, אז די „שדים" האָט מען ניט געטאָרט אויפפיהרען, אז מיר דארפען דאנקבאר זיין און בעגריסען גאָרקי'ן, דערפאר וואָס ער האָט אויפגעהויבען דעם פּראָטעסט", וואָרים „אז מען זעהט די שדים רייסט דאָס הארץ". „אָבער", זאָגט זי, „גאָרקי בענוגענט זיך מיט דעם ניט . . . ער וויל ארויסרופען א ברייטע; אקטיווען פּראָטעסט, וועלכער זאָל זיך אויסדריקען אין קלייבען חתימות אָדער ערקלערען דער פּיעסע א באיקאט, אזוי ווי מען האָט אמאָל באיקאטירט די „קאָנטראבאנדיסטען" . . . מיט דעם קען מען ניט איינשטימען . . . וואָס וועט איהר טהאָן ווען מאָרגען וועט די אינטעליגענץ אָרגאניזירען א פּראָטעסט געגען גאָרקי'ן, דערפאר וואָס זיי וועט ניט געפעלען ווערען זיינע „דאטשניקי", אָדער די „קינדער פון דער זון?" . . . וועלען מיר טאקע נאָר בעשעפטיגען זיך מיט דעם וואָס מיר וועלען פּראָטעסטירען איינע געגען די אנדערע? . . ."

אינטערעסאנטע סצענען זיינען פאָרגעקומען אין מאָסקווא אויף צוויי דיסקוסיאָנען וועגען דער טעמא: „גאָרקי און דאסטאָיעווסקי". ווען די רעדנער האָבען פאָרגעטראָגען וועגען דאסטאָיעווסקי'ן, וועגען דער טיעפקייט און גרויסקייט פון זיין טאלאנט — דערצעהלען די „אָטקליקי" — האָט זיך דער פובליקום אזוי ווי אין גאנצען פערגעסען אָן דער גאנצער „ברענענדער פראגע". עס האָט געהערשט א מערקווירדיגע שטילקייט: מען האָט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. און דאָך, ווען מען איז אריבער צו גאָרקי'ס פּראָטעסט, און גאָרקי'ן אָנגעגריפען, האָט זיך אָנגעהויבען אן אונבעשרייבליכער טומעל. „די רעדנער האָבען פערטהיידיגט דאָסטאָיעווסקי'ן און א גרויסער טייל פון דעם עולם האָט זיי אויסגעפייפט. די אויפגערעגטע צוהערער זייענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, מיט ווילדע פּנים'ער, מיט צוגלאנצטע אויגען, און זידלעריי האָט מען געגאָסען פון ביידע צדדים... די רעדנער האָבען געוואָרפען בעליידיגונגען אין דעם פובליקום. „א טייל פון אונזער געזעלשאפט — האָבען זיי געשריען — שטעהט אויף א זעהר נידריגער שטופע פון ענטוויקלונג". פון די צוהערער האָט מען געענטפערט: „איהר גיט ניט איבער בכיון ריכטיג דעם אינהאלט פון גאָרקי'ס בריעף. יע, מאקסים גאָרקי איז דאָ ניטאָ, און איהר קענט אָנפאלען וויפיעל איהר ווילט". דונערנדע אפּלאָדיסמענטען האָבען בעוויזען, אז די מעהרהייט סימפּאטיזירט מיט גאָרקי'ן. דער פּאָרזיצענדער האָט זיך געסטארעט מיט אלע כחות האלטען אָרדנונג, אָבער דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. „איהר צוטרעט מיט די פיס אָט דיזעלבע פרייהייט — האָט אויסגעשריען א רעדנער מיט א הייזעריגען קול — אָט דיזעלבע פרייהייט, וואָס איהר, גאָרקי'ס אָנהענגער, פערטהיידיגט... סטייטש, דאָסטאָיעווסקי איז דאָך דער גרויסער פּאָעט פון די ערנידריגטע און בעליידיגטע, ער איז דאָך אן אמת'ער דעמאָקראט... ער איז אויך, אָבער, אין דערזעלבער צייט, א זוכער פון אייביגען אמת... ניין, מיר קענען ניט שעצען קיין פרייהייט! מיר זיינען נאָך שקלאפען, מיט א שקלאפישע נאטור!..." נור די אלע שעהנע פראזען האָבען אויף די צוהערער ניט געווירקט. זיי זיינען געבליבען ביי זייערם: מיר דארפען ניט קיין-שדים, מיר ווילען פון זיי פטור ווערען.

אויף מאָרגען האָט דער פּאָרזיצענדער פון דער פערזאמלונג געשריעבען פאָלגענדעס: „...אלעס האָט מען פערגעסען: מען האָט פערגעסען דעם שארפען אנאליז פון דעם שריפטשטעלער, וואָס האָט אזוי טיעף אריינגעדרונגען אין דער מענשליכער נשמה... מען האָט פערגעסען אָן די יסורים, וואָס דער גרויסער שריפטשטעלער האָט איבערגעלעבט צוליעב זיינע אייגענע אינערליכע ווידערשפּרוכען... מען האָט דאָס אלעס פערגעסען און מען מעסט איהם מיט אן ארשין פון א פּארטיי... ווען מאָרגען וועט א גרויסער טאלאנט שילדערן א בילד ווי אן אויסוואָרף פערנארט מיט זיינע שעהנע רייד א קליין מיידעלע, שענדעט איהר און נאָכדעם געהט ער קאלטבלוטיג אוועק פון איהר טויטען קערפּער, וועלכער וואלגערט זיך אין בלאָטע, וועלען מיר די ערשטע זאך א פרעג טהאָן: הא? וועמען האָט דער מאלער געמיינט? אויב א גוואָרדעיסקי'ן אָפיצער — איז דאָס א מערקווירדיג ריכטיגע

בילד; אויב א דאָקטאָר, אַן אדוואָקאַט — יע, עס קען אַלץ טרעפען; נור אויב א טעראָריסט... ניין, דאָס קען בשום אופן ניט זיין! עס איז א מסירה!... אַה, שדים האָבען אונז ווירקליך פערכאַפּט..."

איהר פיהלט, אַז דאָס רעדט דאָס אַלטע רוסלאַנד. די יונגע לאַכען זיך אויס פון די אַלע פּלפּולים און דרשות. גאָרקי מיט זיין פּראָטעסט האָט אויסגעדריקט ניט בלויז זיינע, נור אויך זייערע געפיהלען און זייערע געדאַנקען...

נאָך דעם טומעל, דעם מיש־מאַש, געשרייען און פייפערייען לאָמיר זיך צוהערען צו גאָרקי'ן. גאָרקי איז ארויס מיט א צווייטען בריעף, וואו ער מאַכט קלאָר זיין שטאַנדפּונקט. זיין טאָן איז א געלאַסענער, א רוהיגער. איהר פיהלט, אַז דאָס רעדט א מענש, וואָס בעזיצט א טיעפע ערנסטקייט און א שטאַרקען גלויבען אין דעם אידעאַל, וועלכען ער פערטהיידיגט. דער בריעף איז געווען געדרוקט אין „רוסקאָיע סלאָוואָ".

„די אַרגומענטען פון די שרייבער, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען געגען מיר, זיינען אונגעפעהר די פאָלגענדע: כאָטש דאָסטאָיעווסקי איז א רעאַקציאָנער, כאָטש ער איז פון די יעניגע, וועלכע האָבען אָוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם „טיערישען נאַציאָנאַליזם", וואָס שטיקט און ווערגט אונז נאָך עד היום, כאָטש ער איז א ווילדער שאָוויניסט, א פערביסענער אַנטיסעמיט, כאָטש ער דרש'נט וועגען געדולד און אונטערטהעניגקייט — איז אָבער זיין טאַלאַנט אַזוי גרויס, אַז עס פערדעקט אַלע זיינע חטאים... און די געזעלשאַפט האָט ניט קיין רעכט צו פּראָטעסטירען געגען איהם...

„דאָך, ווען סואוואָרין האָט אין 1907 אויפגעפיהרט דיזעלבע פּיעסע, „די שדים", האָט די געזעלשאַפט, דורך דער פּראָגרעסיווער פּרעסע, פּראָטעסטירט, ווייל זי האָט אין דיזער אויפפיהרונג געזעהן א פּאָליטישע כונה, א טאַקטישען שריט פון פּאָליטישען קאַמפף אין דעם רעאַקציאָנערען לאַגער. פאַרוואָס־זשע מעג נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ דאָס, וואָס סואוואָרין טאָר ניט? פאַרוואָס האָט די געזעלשאַפט רעכט צו פּראָטעסטירען געגען אַזאַ אונבעדייטענדע פּיעסע, ווי די „קאָנטראַבאַנדיסטען", און האָט ניט דאָס רעכט צו פּראָטעסטירען געגען אַזאַ שטאַרקען, בייזהאַפטען ראָמאַן, ווי די „שדים"? פאַרוואָס רופט איהר מיין פּראָטעסט — צענזור, און אייער קאָלעקטיווען פּראָטעסט געגען מיר רופט איהר ניט מיט דעם זעלבען נאָמען?

„איך וויל, אַז איהר זאָלט פערשטעהן, אַז איך פערטהיידיג ניט זיך. איך וויל בלויז בעווייזען, אַז די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט צו פּראָטעסטירען געגען אירגענד וועלכע טאַלאַנטען, אויב זיי האַלטען שעדליכע דרשות. זי האָט רעכט און זי האָט זיך בענוצט מיט איהר רעכט.

„יע, איך בין איבערצייגט, אַז אויף דער ביהנע קומט אויס אירגענד וועלכע האַנדלונג פיעל ערנסטער, ווירקזאַמער, ווי ווען איהר לעזט עס אין א בוך... און ווען אָט דיזע געשטאַלטען („די שדים") בעווייזען זיך אויף דער ביהנע, און ווען עס שפּיעלען אַזעלכע טאַלאַנטען ווי די אַקטיאָרען פון חוד. טהעאַטער... דאַן היפּנאָטיזירען זיי די צושויער... און זיי, די צושויער, הויבט זיך אָן צו דאַכטען, אַז מענשען זיינען ווירקליך שלעכטע חיות...

„אָבער דער מענש איז גאָר ניט אַזאַ, ווי מען שטעלט איהם ארויס. איך וויים...

„איהר ווילט וויסען וואָס האָט מיך געצוואונגען צו ריידען אויף דיזער טהעמא? אָט וואָס. איך וויים גאַנץ גוט די צוקראָכענקייט פון רוסישען כאַראַקטער, איך בין גוט בעקאַנט מיט די שוואַכקייטען פון דער רוסישער אויסגעמוטשעטער, מידער נשמה, מיט איהר פעהיגקייט אָנגעשטעקט צו ווערען מיט פערשיעדענע מאָראַלישע קראַנקהייטען... אַך, עס איז עפּעס ניט גוט אין רוסלאַנד...

„מיר דאַרפען איצט ניט ווייזען די צושויער קיין סטאַווראָגינס (דער הויפּט טיפּ פון „די שדים"). מיר נויטיגען זיך אין עטוואָס אַנדערש. מיר נויטיגען זיך, אַז מען זאָל אונז ערמוטהיגען. מיר נויטיגען זיך אין גייסטיגען געזונד, אין טהעטיגקייט... מיר דאַרפען זיך א קעהר טהאָן צו דער דעמאָקראַטיע, צום פאָלק... און צו וויסענשאַפט...

„דאָסטאָיעווסקי איז אָהן א צווייפעל גרויס, טאָלסטאָי איז טאַקע א זשעני און מיר אַלע, קען זיין, זיינען טאַלאַנטפולע און קלוגע מענשען; אָבער רוסלאַנד און דאָס רוסישע פאָלק איז פיעל וויכטיגער, ניט אין אַן ערך טהייערער ווי טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, און אפילו ווי פּושקין אויך. וועגען אונז איז שוין אָפּגערעדט.

„אונזער ליידענדעס לאַנד לעבט איבער א טראַגישע צייט. אמת, עס בעמערקט זיך ווידער אַן אויפלעבונג, א געהויבענע שטימונג, אָבער זיי פאָדערען א שטאַרקע אָרגאַניזירטע קראַפט, א פיעל שטאַרקערע ווי עס האָט זיך געפאָדערט מיט אַכט יאָהר צוריק (אין 1905, אין דער צייט פון מאַניפעסט)...

„און די גאָט־זוכעריי דאַרפען מיר, ביז א געוויסע צייט, אָוועקלייגען אָן א זייט. די אַרבייט איז א נוצלאָזע. מען קען ניט שניידען קיין תבואה ווען מען האָט גאָרנישט געזעט. מיר האָבען קיין גאָט ניט. מיר האָבען איהם ניט בעשאַפען. קיין געטער זוכט מען ניט, מען בעשאַפט זיי. דאָס לעבען טראַכט גאָרנישט אויס, עס בעשאַפט..."

אַן אינטערעסאַנטע ערקלעהרונג וועגען

דעם „חודאזש. טעאַטער“ און גאָרקי גיט טאַלניק אין „סאוורעמעני מור“.

עס איז ניט קיין צופאַל, דענקט דער שרייבער, וואָס גאָרקי, וועלכער איז געווען דער איבערגעבענסטער פריינד פון טהעאַטער, איז אַזוי שאַרף ארויסגעטראָטען געגען איהם. עס איז אויך ניט קיין צופאַל וואָס פאַר די לעצטע דריי, פיער יאָהר האָט זיך די רוסישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט אָבגעקעהרט פון איהם.

ס'איז געווען א צייט, ווען דער ח. טעאטער איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט דער פּאָרטגעשריטענער, ראדיקאַלער געזעלשאַפט. „דאָס איז געווען דאַן ווען די ניט אָרגאַניזירטע, פּאָליטיש ניט ענטוויקעלטע קרעפטען פון לאַנד האָבען זיך צוטהיילט אויף צוויי מחנות: די פיינד און די פריינד פון דער פרייהייטס בעוועגונג“. דאַמאַלסט איז נאָך גאָר נישט געווען קלאָר; אַלעס איז געווען איינגעהילט ווי אין אַ נעבעל. „אין דעם גרויסען כאָר . . . האָבען זיך נאָך דאַן ניט געהערט קיינע פערשיעדענהייטען פון האַלבע טענער, בעמאָליען, דיעזען, וועלכע מען האָט נאָכדעם אָנגעהויבען אַזוי שאַרף צו הערען . . . אַ מעכטיגע כוואַליע האָט אַלעמען געשלעפּט אין דעם גרויסען שטורעמדיגען אָקעאַן“ . . . אָט אין יענער צייט (1900) האָט זיך די טהעטיגקייט פון דעם טעאַטער אַם בעסטען ענטוויקעלט. ער איז געוואָרען דער טעאַטער פון טשעחאָוו'ן, דעם גרויסען מאהלער פון דער פינסטערניש פון רוסישען לעבען. נאָכדעם איז ער געוואָרען דער טעאַטער פון גאָרקי, דעם אָנזאָגער פון א נייעם, אַ פרייען, אַ בעסערען לעבען. „מיר זיינען געקומען צום טעמפּעל פון קונסט“ — שרייבט טאַלניק — „מיט דער שטימונג, וועלכע האָט בעהערשט דעם רוסישען לעבען אין יענע יאָהרען. דאָרטען האָבען מיר געקענט ארויסברייגען אונזער רעוואָלוציאָנערע ענערגיע . . .“

און וואָס איז נאָכדעם פאָרגעקומען? האָט זיך דער טהעאַטער אומגעביטען?

„דער חוד. טעאַטער איז געבליבען, דוכט זיך מיר, דער זעלבער — זאָגט טאַלניק — מיר זיינען אָבער געוואָרען אין גאַנצען אַנדערע. דער חודאזש. טעאַטער איז בעשאַפען געוואָרען פון די שיכטען פון דער גרויסער בורזשואזיע, וועלכע האָט אימער סימפּאַטיזירט מיט אינדיווידואַליזם, סימבואַליזם, דעקאַדענטסווא . . . אָבער די בורזשואזיע פון 1905 יאָהר האָט נאָך געטומעלט מיט הויכע פראַזען וועגען פרייהייט און גלייכהייט, זי האָט דאַן נאָך קאָקעטירט מיט'ן ראַדיקאַליזם. „די רעאַקציע האָט גלייך אַראָבגעשווינקט די יום טוב'דיגע שטימונג“ און אַלעס האָט זיך אָנגעהויבען ארויסצייגען אין דעם אמת'ן פאַרב. און דער בעסטער „ראַדיקאַלער“ רוסישער טעאַטער הויבט אָן אויסלאַכען, קאַריקאַטוריזירען די רוסייטע רעוואָלוציאָן.

„דעם 14טען אָקטאָבער 1913 האָט דער טעאַטער געפייערט זיין 15טען יאָהריגען עקזיסטענץ. דעם 17טען אָקטאָבער איז געוואָרען 8 יאָהר פון דעם טאָג פון דעם מאַניפעסט . . . אַך, ווי ווייט מיר זיינען אַוועק זינט דאַן, ווי פערשיעדען זיינען זיך אונזערע וועגען פאַרנאַנדערגעגאַנגען. וויפיעל זאכען, וועלכע זיינען פאַר אונז געווען ליעב און טהייער, זיינען געוואָרען פרעמד פאַר אונז. פרעמד איז פאַר אונז אויך געוואָרען דער חודאזש. טעאַטער. און דאָס איז וואָס גאָרקי האָט געוואָלט זאָגען מיט זיין פּראָטעכט . . .“

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. „גאָרקי'ס פּראָטעסט האָט אַ פיעל גרעסערע בעדייטונג... דאָס איז אַ געשריי פון אַן עהרליכען רוסישען שריפטשטעלער, אַ בירגער און א דעמאָקראַט... געגען דער אונטערטעניגליכקייט פון אונזער לעבען . . . געגען דעם גרויסאַרטיגען מאהלצייט וואָס די רוסישע בורזשואזיע פּראַוועט אויף די חורבות פון 1905 . . .“

דער שרייבער האַכט פון די לעכערליכע אַטאַקעס אויף גאָרקי'ן. מען בעשולדיגט איהם, אַז ער מעסט קונסט מיט דעם אַרשין פון פּאָליטיק, און זיי לערנען איהם, אַז „די וועלט פון קונכט האָט איהרע בעזונדערע געזעצע“. טאַלניק בעמערקט, אַז דאָסטאָיעווסקי'ס „שדים“ איז ניט קיין גאָלע קונסט, אַז אַ בעשטימטע טענדענץ שטעקט ארויס פון יעדער בלעטעל, אַז פון דעם גרעסטען טייל פון זיין בוך קוקט ארויס זיין פינסטערער גייסט.

„גאָרקי האָט געזאָגט דאָס וואָרט, וואָס מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט ארויסזאָגען... דאָס איז אַ פּראָטעסט פון די יעניגע, וועלכע קענען מעהר ניט שווייגען, וועלכע קענען ניט צוזעהען, ווי די געזעלשאַפט ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערדאָרבען...“

וועט גאָרקי ווירקען אויפ'ן חוד. טהעאַטער, אָדער די מאַכט פון די „שדים“ האָט איהם אין גאַנצען בעהערשט?

ביז אַ געוויסען גראַד, דענקט דער שרייבער, האָט גאָרקי יאָ געווירקט. דער חוד. טהעאַטער האָט אומגעביטען דעם נאָמען: אַנשטאַט „שדים“ האָט ער עס אַ נאָמען געגעבען „ניקאָלאַי סטאַווראָגין“. אַ חוץ דעם האָט ער פיעלע זאַכען פון דאָרטען ארויסגעוואָרפען. ער האָט אָבער גאָרנישט געוואונען מיט דעם. אין געגענטייל, פון זיין אַרויסוואַרפען און צושטוקעווען איז ארויסגעקומען גלאַט אַ הייקער. טאַלניק דענקט, אַז גאָרקי האָט זיך אומזיסט געשראָקען, וואָס דער טהעאַטער וועט דאָס צו גוט שפּיעלען. פון אַ בעאַרבייטונג אין אַלגעמיין קען מען קיין בעזונדער גוטעס ניט ערוואַרטען. און וואָס בעלאַנגט צו די „שדים“ זיינען זיי ארויס אין גאַנצען צושעדיגטע און קענען קיין שטאַרקען רושם אויף קיינעם ניט מאַכען.

משה כץ

ביבליאָגראַפיע

מיט די לייטענדע גייסטער*)

(אינטערוויוס פון הערמאַן בערנשטיין. אילוסטר.).

ניט יעדען איז בעשערט דאָס גליק צו זעהן זיך פּנים אל פּנים און נעהמען אויף אן עקזאַמען די לייטענדע גייסטער פון דער ציוויליזירטער וועלט. אויף הערמאַן בערנשטיינ׳ס חלק איז אַזאַ גליק אויסגעפאַלען און ער בעקענט דעם לעזער, אין א לייכטער און שעהנער פאָרם, מיט זיינע איינדריקען און געשפּרעכען. די אינטערוויוס האָבען זיך אין א משך פון עטליכע יאָהר גערדוקט אין „ניו יאָרק טיימס" און אין „וואָירלד". אָבער צוזאַמענגעקליבען אין איין בוך, מיט זעהר גוטע פּאָטרעטען פון די „לייטענדע גייסטער", שטעלען זיי מיט זיך פאָר פיעל מעהר ווי איינפאַכע געשפּרעכען פון א צופעליגען קאָרעספּאָנדענט. זיי בעקומען ביז א געוויסען גראַד די ווערטה פון היסטאָרישע דאָקומענטען.

און וועמען טרעפט איהר ניט צווישען די „לייטענדע גייסטער"? מיט טאָלסטאָי׳ען האָט בערנשטיין גערעדט וועגען קונסט און רעליגיאָן, מיט וויטטע׳ן — וועגען דער רוסלענדישער קאָנסטיטוציע, מיט מעטשניקאָוו׳ן — וועגען וויסענשאַפט, מיט ראדענ׳ען — וועגען סקולפּטור, מיט בערנאַרד שאָו — וועגען אַמעריקאַ, מיט הארדענ׳ען — וועגען דער דייטשער פּאליטיק און ליטעראַטור, מיט בערגסאָנ׳ען — וועגען די מאָדערנע צייט־פראַגען, מיט׳ן טערקישען שייך־אול־איסלאם — וועגען דער טערקישער רעוואָלוציע, א. ז. וו.

און, ווי ס׳פּאַסט פאַר א אידען, האָט הערמאַן בערנשטיין כמעט מיט זיי אַלעמען גערעדט וועגען דער אידען־פראַגע**)...

פערשטעהט זיך, אז די געשפּרעכען, וואָס ווערען געבראַכט אין בוך, זיינען פון פערשיעדענעם ווערטה, פּונקט ווי עס זיינען פערשיעדען די פּערזאָנען, מיט וועלכע ער האָט גערעדט.

און דאָ ווילט זיך אָנווייזען אויף א קליינעם פעהלער, וואָס בערנשטיין מאַכט אין זיינע כאַראַקטעריסטיקעס. „אַלע יונים" בעקומען ביי איהם אביסעל „איין פּנים". בעת טאָלסטאָי איז ביי איהם דער גרעסטער דענקער אין רוסלאַנד, קומט וויטע אויס — דער גרעסטער רעגיערונגס־פּאליטיקער, אַנדרעיעוו — דער גרעסטער שרייבער, מאַקסים קאָוואַלעווסקי — דער גרעסטער רוסישער שטאַאטסמאַן, מאַקסימיליאן הארדען — די פּאָפּולערסטע פּערזאָן אין דייטשלאַנד (אויסער ווילהעלמען), בערנאַרד שאָו—דער געליעבטסטער און געהאַסטסטער מאַן אין ענגלאַנד א. ז. וו.

דער פעהלער לאָזט זיך אפשר ערקלערען דערמיט, וואָס בעת בערנשטיין איז געפאָהרען אינטערוויואירען א וועלכע עס איז פּערזאָן, האָבען פאַר איהם, אין דעם מאָמענט, ווענינגסטענס, קיין אַנדערע פּערזאָנען ניט עקזיסטירט. די בערג, צו וועלכע ער איז געשטאַנען אזוי נאָהענט, האָבען פאַר איהם פערשטעלט די ריכטיגע פּערספּעקטיווען.

די אָבער, וועלכע זיינען בעקאַנט מיט רוסלאַנד, למשל, ווייסען, אז אַנדרעיעוו איז דאָרט ווייט ניט דער גרעסטער שרייבער, קאָוואַלעווסקי איז נאָך גאַנץ ווייט פון צו זיין דער גרעסטער שטאַאטסמאַן און וויטטע איז בשום אופן ניט דער גרעסטער פּאָליטיקער אין לאַנד.

מעגליך, אז א דייטש וואָלט דיזעלבע איינווענדונגען געקענט מאַכען אויך בנוגע צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם הויפּישען אפּאָזיציאָנער, מאַקסימיליאַן הארדען.

אין אַלגעמיין אָבער איז בערנשטיינ׳ס בוך זעהר אינטערעסאַנט פאַר יעדען, וואָס וויל זיך בעקענען מיט דער געדאַנקען־וועלט פון די פּערזאָנען, וואָס האָבען פאַר דעם לעצטען צעהנדליג יאָהר צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט.

הערמאַן בערנשטיין איז ניט בלויז א קאָרעספּאָנדענט, וואָס קאָן שטעלען פראַגען. ער ווייסט אויך ו ו אָ ס און ביי וועמען צו פרעגען. בעזונדערס איז דאָס צו בעמערקען אין זיינע אינטערוויוס מיט די גרויסע רוסישע פּערזענליכקייטען. אַזאַ קענטניש פון דער רוסישער ליטעראַטור און לעבען, ווי בערנשטיין ווייזט ארויס אין זיינע פראַגען און כאַראַקטעריסטיקעס, איז זעלטען צו בעגעגענען ביי אן אויסלענדער.

**) די מיינונגען פון די אַלע פּערזאָנען וועגען דער אידען־פראַגע האָט הערמאַן בערנשטיין איבערגעגעבען אין אן אַרטיקעל אין „צוקונפט", פּעברואַר, 1913.

*) With Master Minds Interviews, by HermanBernstein.



Vol. XIX JUNE, 1914 No. 6

א. ליעסין

דניאל דעליאָן

מיט'ן טויט פון דניאל דעליאָן איז ארונטער פון דער סצענע א מערקווירדיגע און אָריגינעלע פערזענליכקייט — די מערקווירדיגסטע און אָריגינעלסטע, וואָס די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין אַמעריקאַ האָט ארויסגעבראַכט.

רוהם, זאָגט מען, איז א בלום, וואָס וואַקסט נור אויף קברים. דעליאָנ'ס רוהם איז אויפגעגאַנגען און הערליך אויפגעבליהט גראַדע ביי די ערשטע טריט פון זיין עפענטליכען לעבען. שוין גלייך פון אָנפאַנג האָט ער זיך ערוואָרבען אין דער היגער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אַן עהרען־פּלאַץ. אין פערלויף פון איניגע יאָהר איז ער געוואָרען דער אַנערקענטער פיהרער, די צענטראַלע פיגור פון דער בעוועגונג. אָבער די ריכטיגע גרויסקייט פון דיעזען מערקווירדיגען און אָריגינעלען מענשען האָט זיך ארויסגעוויזען ערשט אין די שפּעטערע יאָהרען, גראַדע דאַן, ווען ער איז געשטאַנען אין ביטערען, פערביסענעם קאַמפּף געגען דעם גרעסטען טהייל פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

מיט 24 יאָהר צוריק, ווען דעליאָן איז געוואָרען א סאָציאַליסט, איז די היגע בעוועגונג בעשטאַנען גרעסטענטהיילס פון אימיגראַנטען. די אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטען האָבען געזוכט צו צוקומען צום גרויסען אַמעריקאַנער עולם, אריינצוציהען אין דער בעוועגונג די ברייטע אַמעריקאַנער ארבייטער מאַסען. דאָס איז געווען זייער גליהענדער וואונש, זייער הויפּט־אויפגאַבע. יעדער בעגאַבטער ענגליש־שפּרעכענדער אַגיטאַטאָר איז בעטראַכט געוואָרען אלס א גרויס געווינס. און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דעליאָן, א פּראָפעסאָר פון קאָלאָמביאַ יוניווערזיטי מיט גלענצענדע פעהיגקייטען אלס לעקטשורער און אלס זשורנאַליסט, האָט גלייך פערנומען דעם אויבען־אָן אין דער בעוועגונג. וואונדערליך איז אָבער געווען זיין פלאַמענדע איבערגעבענהייט צום סאָציאַליזמוס, מיט וועלכער ער האָט זיך פון אָנפאַנג אָן אויסגעצייכענט. וואונדערליך איז געווען די טרייהייט, מיט וועלכער ער האָט געטראָגען און געהיט דעם הייליגען פייער. וואונדערליך איז געווען די האַרטנעקיגקייט, מיט וועלכער ער האָט געקעמפּפט פאַר פּרינציפּען־ריינהייט, ווי ער האָט עס פערשטאַנען, אויפנעהמענדיג ענדליך דעם קאַמפּף געגען דער גאַנצער וועלט — געגען דער סאָציאַליסטישער, אזוי ווי געגען דער ניט־סאָציאַליסטישער וועלט.

דעליאָן איז געווען די ערשטע יאָהרען דער ליעבלינג, דער שטאָלץ, די ציערונג פון דער בעוועגונג. אין איהם האָט אָבער געלעבט דער ערנסט פון א גרויסען פאַנאַטיקער, און ער האָט אויף די לאָרבער ניט גערוהט און ניט געקענט רוהען. טאָלעראַנץ איז געווען פרעמד זיין נאַטור, אזוי ווי קאָמפּראָמיס. דאָס צופּאַסען זיך צו די אומשטענדען האָט געקלונגען פאַר איהם, ווי פעררעטה. דער קאַמפּף איז געווען זיין לעבענס־עלעמענט, און ער האָט געלעבט, ווי אויף א באַריקאַדע, ניט שיינקענדיג קיינעם און ניט בעטענדיג ביי קיינעם גנאַדע. פערשטעהט זיך, מיט אזעלכע מעטהאָדען האָט ער ניט געקענט געווינען די סימפּאַטיען פון דעם אַמעריקאַנעם פּובליקום. און ווען אַלץ גרעסערע און גרעסערע צאָהלען סאָציאַליסטען זיינען דערמיט אונצופריעדען געווען און די אוינצופריעדענהייט אויסגעדריקט, האָט מען זיי אַלעמען געשטעמפּעלט אלס פּייקערס, אלס פעררעטהער, אלס געהיימע קאַפּיטאַליסטישע אַגענטען. דעליאָן האָט אויפגעשטעלט די באַריקאַדע אין די סאָציאַליסטישע רייהען גופא. און מיט דער זעלבער ענטשלאָסענהייט, מיט דער זעלבסט־אויפאָפּפּע־

רונג, מיט וועלכער ער האָט פריהער אויפגעגעבען זיין געהויבענע קאַריערע צווישען די קאַפּיטאַליסטען און ערקלערט קריעג דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַזוי ענטשלאָסען האָט ער איצט אויפגעאָפּפערט זיין געהויבענע שטעלונג צווישען די סאָציאַליסטען און ערקלערט קריעג כמעט דער גאַנצער אַרבייטער בעוועגונג.

„פעסט ווי א פעלז!“ — דאָס איז געווען דעליאָנ’ס כאַראַקטעריסטישער ליעבלינגס־ווערטעל. און אַזוי איז דעליאָן ווירקליך פערבליבען ביז’ן סוף — פעסט ווי א פעלז! אין דער אַלטער פּאַרטיי, אין דער סאָשיעליסט לייבאָר פּאַרטי, זיינען פאָרגעקומען שפּאַלטונגען נאָך שפּאַלטונגען. דער בונט געגען דעליאָנ’ען איז געוואָרען אַלץ אַלגעמיינער, דער קאַמפּף געגען איהם האָט געבושעוועט אַלץ פערניכטענדער. דעליאָן איז ענדליך געבליבען בלויז ביי א הייפעלע אָנהענגער, און דאָס הייפעל איז אויך אימער אַלץ קלענער געוואָרען אין צאָהל און אין איינפלוס. דעם מוטה האָט אָבער דעליאָן ניט פערלאָרען, דעם פאַנאַטישען קאַמפּף האָט ער ניט אויפגעגעבען, דער פייערדיגער גלויבען אין דער טיעפער גערעכטיגקייט פון זיין קאַמפּף האָט איהם ביז זיין לעצטען אַטעם־צוג ניט פערלאָזען.

„דער שטאַרקסטער מענש אויף דער וועלט איז דער, וואָס איז מעהר פון אַלעמען איינזאַם“ — האָט געזאָגט דאָקטאָר שטאָקמאַן, דער העלד פון איבסענ’ס דראַמאַ „דער פאָלקס־פיינד“.

אָט אַזוי שטאַרק און אַזוי איינזאַם איז געווען דער פערשטאָרבענער פיהרער פון דער ס. ל. פּ. עס איז געווען עטוואָס פראַכטפאָלעס, גראַנדיעזעס אין דיעזער איינזאַמקייט. דאָס איז ווירקליך געווען די הערליכע איינזאַמקייט פון א מעכטיגען פעלז צווישען די כוואַליעס פון א שטורמישען ים.

* * *

דעליאָן איז געבאָרען און אויפגעבראַכט געוואָרען אין ווענעצועלאַ, סענטראַל אַמעריקאַ. די טראָפּישע זון האָט געשפּייזט זיין היציגען און קריגערישען טעמפּעראַמענט. געלעהרענט האָט ער אָבער אין די גרויסע אוניווערזיטעטען פון האָלאַנד און דייטשלאַנד, וואו זיין רייכער אינטעלעקט האָט בעקומען א שטרענגע דיסציפּלין. און אַזוי איז פון איהם ארויסגעקומען נאַכהער, ווען ער האָט זיך דורכגעדרונגען מיט’ן סאָציאַליזמוס, א ליידענשאַפטליכער מאַרקסיסט, א היציגער און א קריעגערישער, וואָס האָט מאַרקס’ן טיעף פערשטאַנען, וואָס האָט אָבער געזוכט צו זיין אויף אן אונגעדולדיגען אופן נאָך מאַרקסיסטישער פון מאַרקס’ן.

זיינע עלטערן זיינען ארויסגעקומען פון שפּאַניען — פונ’ם לאַנד פון די דאָן־קיכאָטען און די טאָרקוועמאַדאָס. און אָט דער גלגול פון דעם אידעאַליסטישען ריטער פון די ווינדמיהלען און דער גלגול פון דעם גרויזאַמען ריכטער פון דעם חרם און די אויטאָ־דאַ־פעען פלעגען דורכגליהען אָפּטמאָל, אַזוי ווי אן אָבשיין פון ווייטע דורות, דאָ און דאָרטען אין די נשמה־פאַלבען פון דעם היציגען און קריעגערישען ווענעצועלער מאַרקסיסט.

דעליאָן איז אונטערגעקומען צו די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס מיט’ן סאָציאַליזמוס, אַזוי ווי משה רבנו איז אונטערגעקומען צו די אידען מיט דער תורה. משה האָט אָנגעבויגען אויף די אידען דעם באַרג סיני און געזאָגט: וועט איהר אָננעהמען די תורה, איז גוט; אויב ניט, מאַך איך דאָ אייך אייערע קברים. אויף אן עהנליכען אופן האָט דעליאָן געוואָלט אויפדריקען דעם סאָציאַליזמוס אויף די אַמעריקאַנער. יאָהרען לאַנג האָט ער געפיהרט א קאַמפּף און איז דורכאויס בעשטאַנען, אז מיט’ן „סאָשיעליסט טרייד און לייבאָר אַליענס“ וועט ער צווינגען די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניסטען צו ווערען סאָציאַליסטען. און די פּאַרטיי מיטגליעדער, וואָס האָבען ניט געטיילט זיינע איבערצייגונגען, און יעדען איינציגען, וואָס האָט געהאַט אן אַמט אין א קאָנסערוואַטיווער טרייד־יוניאָן, און יעדען איינציגען, וואָס מ’האָט נור חושד געווען, אז ער טרעט אָפּ אויף אן אינטש פון דער תורה, האָט מען געלייגט אין חרם און אויסגעשלאָסען פון דער פּאַרטיי. אַזוי איז יאָהרען לאַנג אָנגעגאַנגען די רייניגונג. און מען האָט ערנסט געדענקט, אז וואָס ענערגישער די רייניגונג וועט אָנגעהן, אַלץ שנעלער וועט קומען די גאולה. שטיקער נאָך שטיקער האָבען זיך אָפּגעבראָכען פון דער פּאַרטיי. איז מען געווען מלא שמחה; דאָס האָט געהייסען, אז די פּאַרטיי ווערט פעסטער. דריי פערטעל פון איהרע שטימען האָט די פּאַרטיי ביי די וואַהלען פערלאָרען. איז מען ווידער געווען מלא שמחה; דאָס האָט געהייסען, אז די שטימען ווערען קלאַסענבעוואוסטער, רעוואָלוציאָנערער.

אַזאַ בעציהונג צו די טרייד־יוניאָנס איז געווען געגען יעדער מענשליכער לאָגיק און זיכער דורכאויס געגען דעם גייסט פון מאַרקסיזמוס. מאַרקס האָט גראַדע זעהר הויך געשעצט די יוניאָן פון די אַרבייטער. ער האָט געקוקט אויף דער יוניאָן, ווי אויף א פּראַקטישע שולע, וואו דער אַרבייטער לערנט פון דעם בוך פון לעבען די גרויסע לעקציאָן פון קלאַסענקאַמפּף. און מאַרקס איז דורכאויס געווען געגען דעם, אז מען זאָל אויפדריקען דעם סאָציאַליזמוס איבערגוואַלד אויף די אַרבייטער, ווייל דאָס קען גראַדע נאָך אָפּשטויסען די אַרבייטער פון דעם סאָציאַליזמוס. מאַרקס אַליין איז זעהר פאָרזיכטיג, זעהר טאַקטיש אונטער־

געקומען צו די ברייטע ארבייטער מאַסען מיט דער סאָציאַליסטישער פּראפּאַגאנדאַ. אזוי, צום ביישפּיעל, ווייזט מען אָן, אז אין די זעכ־ציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט מאַרקס גערעדט צום „אינטערנאַציאָנאַל” פיעל



געב. 14 דעצ., 1852—געשט. 11 מאַי, 1914

מעסיגער, איידער אין דעם „מאַניפעסט” פון 1848. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דורכ׳ן „אינטערנאַציאָנאַל” האָט מאַרקס גערעדט צו די אַרבייטער־מאַסען פון דער וועלט און ניט צו אַן ענגען קרייז קאָמוניסטען. אין די זעכ־ציגער יאָהרען איז מאַרקס זיכער ניט געווען וויניגער רעוואָלוציאָנער, איידער אין 1848. אמת, באַקונין און די אַנאַרכיסטען האָבען עס מאַרקס׳ן אויפגעוואָרפען, אז ער איז יע געוואָרען וועניגער רעוואָלוציאָנער. דעליאָן האָט אָבער מאַרקס׳ן גוט געקענט, און ווען וואָלט נאָך אזוי אונאנגענעהם געווען אריינצו־פאַלען אין דער אַנאַרכיסטישער קאָמפּאַניע, ווי דעליאָנ׳ען!

און ערשט ווען מיר וועלען נעהמען דע־ליאָנ׳ען און דעם דעליאָניזמוס אין פערבינדונג מיט די אַמעריקאַנער אומשטענדען פון יענער

צייט, וועלען אונז די אַלע אונפערשטענדליכע זאכען פערשטענדליכער ווערען.

דעליאָן, צוזאַמען מיט דעם דעליאָניזמוס, איז ערשיענען אלס א רעאַקציע געגען א גאַנצען ערב רב פון סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע רע־פאָרם־פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, וועלכע פלע־גען פריהער אין פערשיעדענע צייטען און אונ־טער פערשיעדענע נעמען אויפקומען, און זיי פלעגען פּאַראַדירען איבער אַלע אינדוסטריעלע שטעדט פון אַמעריקאַ אונטער דער רויטער פאָהנע. דער „ריינער“ דעליאָניסטישער סאָ־ציאַליזמוס איז געווען א רעאַקציע געגען דעם פריהעריגען תוהו ובוהו סאָציאַליזמוס. דער קאַמפף געגען דעם „לייבאָר פייקער“ אין די טרייד־יוניאָנס איז אויסגעבראָכען אַלס א רע־אַקציע געגען דעם קולט פון די יוניאָנס־צעכען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטער־אַריסטאָ־קראַטיע.

ווי מיר האָבען אויבען בעמערקט, איז די בעוועגונג דאַן בעשטאַנען גרעסטענטהיילס פון אימיגראַנטען. די ערשטע סאָציאַליסטען זיינען דאָ געווען הויפּטזעכליך דייטשען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס זיינען געווען כוואַליעס, וואָס זיינען ארויסגע־נומען געוואָרען פון א ברויזענדען סאָציאַליסטי־שען שטראָם, און זיי זיינען איבערגעטראָגען געוואָרען אהער און זיי זיינען דאָ אָפּגעשטאַנען. און אָט אין די אימיגראַנטען־קרייזען איז דער פערלאַנג אָפּצופרישען זיך, דער דראַנג צונויפ־צוגיסען זיך מיט'ן ברויזענדען אַמעריקאַנער שטראָם, שטאַרק געווען. דאָס איינציגע, וואָס זיי האָבען געזעהן פאַר זיך און צו וואָס זיי האָבען זיך געצויגען, איז געווען די אַמערי־קאַנער אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן. זייערע סאָ־ציאַליסטישע אידעאַלען האָבען שוין אָבער אין דער פרעמד א היבש ביסעל אָפּגעבלאַקירט, זייער רעוואָלוציאָנערע ענערגיע איז אויסגע־וועבט געוואָרען. און זיי האָבען ניט געהאַט דעם כוח צו פיהרען און צו בעאיינפלוסען; זיי אַליין זיינען גיכער געפיהרט און בעאיינפלוסט געוואָרען.

און אָט דער דעליאָניסטישער סאָציאַליז־מוס האָט שוין יע געפּרובט פיהרען און בע־איינפלוסען. און עס מאַכט ניט אויס, וואָס וויניגע אַמעריקאַנער האָבען דאָ נאָכגעפאָלגט. דעליאָן האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף דאַן, ווען אפילו די וויניגע האָבען געמען אָפּשטעהן. ער איז געווען פון די זעלטענע פיהרער, וואָס געהען ווירקליך פאָראויס און ניט הינטער די געפיהרטע. ער האָט קיינע מיטלען ניט פאָרגע־נומען, קיין זאַך ניט געטהאָן און קיין זאַך ניט פערבויגען, כדי די צאָהל פון די נאָכפאָלגער אָנצוהאַלטען און צו פערגרעסערען. און דע־ליאָן האָט דעם שטעמפּעל פון זיין שטאַרקער פערזענליכקייט ארויפגעלעגט אויף אויף זיין פּאַרטיי. די פּאַרטיי דעליאָן, אזוי ווי דער מענש דעליאָן, האָט אויך זיך וועניג געקימערט, וועניג אומגעקוקט זיך, צי מען פאָלגט איהר נאָך, צי ניט. דאָס אָבער, וואָס איז געווען ער־האַבען אין דעם מענשען דעליאָן, דאָס איז שוין אויסגעקומען גאַנץ קאָמיש אין דער פּאַרטיי דע־ליאָן. אין דעם מענשען דעליאָן איז דאָס גע־ווען אַן אויסדרוק פון שטאָלץ און מאַכט; אין דער פּאַרטיי דעליאָן איז עס שוין געווען אַן אויסדרוק פון אונזין און מאַכטלאָזיגקייט.

דאָס איז געווען דעליאָנ'ס טראַגעדיע. דער מענש דעליאָן איז פערבליבען אלס א גאַנ־צע פּאַרטיי ביז'ן סוף, ווען ער האָט שוין זיין היסטאָרישע ריינינגונגס־אויפגאַבע לאַנג ער־פילט. מיט זיינע קאַמפּפס־מעטהאָדען און זיין טאַקטיק איז ער שוין געוואָרען לאַנג איבריג, לאַנג שעדליך. האָט ער אָנגעפיהרט א קאַמפף געגען אַלע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען עס אַנערקענט. ער האָט שוין הויפּטזעכליך גע־קעמפּפט ניט געגען דער קאַפּיטאַליסטישער, נור געגען דער סאָציאַליסטישער וועלט. ממילא איז דער דעליאָניסטישער סאָציאַליזמוס געוואָרען אַלץ מעהר איבערטריבען, אַלץ סעקטאַנטיש־שמאָלער, אַלץ מעהר אָנגעזאַפּט מיט ברודער־קריעג און פערזענליכקייטען. און אויף דעם האָט עס דער אונגעוועהנליכער מענש אוועקגעלעגט אזוי פיעל ענערגיע און פעהיגקייט. דער הויך־געבילדעטער, הויך־בעגאַבטער, גרויסער דעליאָן איז אויסגעקומען אָפּט, שמערצליך אָפּט, אזוי בעשריינקט, אזוי לעכערליך, אזוי קליינליך.

און די פיהרענדע ראָלע האָט איבערגענו־מען אַן אַנדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די ס. פּ. — די אינגערע פּאַרטיי, וואָס איז אויפ־געקומען אויפ'ן חורבן פון דער אַלטער ס. ל. פּ. און וואָס איז פון דעליאָנ'ען אזוי ביטער בע־קעמפּפט געוואָרען. די טרויעריגע צייט פון דער עבבע אין דער בעוועגונג, ווען דער סאָ־ציאַליסטישער שטראָם איז געגאַנגען אויף אָב־פּאַל, איז פאַראיבער. עס איז אָנגעקומען די פלוטה אין דער בעוועגונג. דער סאָציאַליסטי־שער שטראָם איז געוואָרען גרויס און גרעסער, מעכטיג און מעכטיגער. און דער ערשטער פיערטעל מיליאָן סאָציאַליסטישע שטימען מיט א יאָהר צעהן צוריק—דאָס איז שוין געווען די ערשטע גרויסע כוואַליע, וואָס האָט אראָפּגע־טראָגען פיעלעס פון דעם זומפּ פון אַלערליי פערזענליכקייטען און קליינליכקייטען.

מיר האָבען גענומען זעהען אין אַמערי־קאַ דאָסזעלבע, וואָס מיר האָבען אַמאָל געזעהן אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך. פריהער זיינען געשטאַנען הינטער אונזערע מיינונגס־פערשיעדענהייטען נור פּאַפּירענע פּראָגראַמען. מיט דער זינדיגער ערד האָבען מיר וועניג

שייכות געהאַט. קיין ערנסט האָט אויף אונז ניט געדריקט, קיין פעראַנטוואָרטליכקייט האָ־בען מיר ניט געטראָגען. דארום האָט עס אַלעס ביי אונז אָנגענומען אַזאַ אומגליקליכען כאַ־ראַקטער פון פאַמיליען־קריגעריי. אַנדערש אָבער ווערט שוין, ווען דער סאָציאַליזמוס ערררייכט די שטופע פון א וויכטיגער געזעלשאַפטליכער מאַכט, ווען הינטער אונזערע מיינונגס־פער־שיעדענהייטען שטעהט א גרויסע בעוועגונג, א גרויסער ערנסט, א גרויסע פעראַנטוואָרט־ליכקייט.

דעליאָן האָט עס ענדליך פערשטאַנען, און די לעצטע יאָהרען האָט ער אַלץ געשטרעבט צו פעראייניגונג. איידער אָבער דיזע לעצטע שטרעבונג זיינע איז ערררייכט געוואָרען, האָט איהם דער שוואַרצער טויט צוגענומען פון אונז.

* * *

דעליאָן האָט זיך דורכגעטראָגען אין אונ־זער בעוועגונג, אזוי ווי א געוויטער. ניט אומ־זיסט האָט ער אָבער געדונערט און געבליצט. פיעלע פראַגען, ווי, צום ביישפּיעל, די פראַגען פון ריין־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק און אינ־דוסטריעלען יוניאָניזמוס, האָט ער פאַר אונז קלאָרער געמאַכט. די סאָציאַליסטישע אַטמאָ־ספערע אין אַמעריקאַ איז צוליעב דעם דעליאָן־געוויטער פיעל לויטערער געוואָרען.

דעליאָן איז שוין איצט ניט מעהר, ווי אַן עראינערונג, און זעהר א שעהנע עראינערונג.

ביקאָנספעלד האָט אַמאָל געזאָגט, אז גלאַדסטאָן האָט ניט געהאַט אפילו קיין איין חסרון, וואָס זאָל איהם מאַכען אינטערעסאַנט. דעליאָן האָט שוין גראַדע געהאַט חסרונות, פיעלע גלענצענדע חסרונות, און ער איז געווען אינטערעסאַנט, וואונדערליך אינטערעסאַנט. דאָס איז אָבער גערעדט וועגען דעליאָנ'ען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. דעליאָן אין פּריוואַט־לעבען איז געווען דער אמת אידעאַלער, ריינער, קריסטאַל־ריינער מענש. און אויב מען קען איהם ניט צורעכע־נען צו די הייליגע, איז עס נור דערפאַר, ווייל איהם האָט דורכאויס געפעהלט די לאַנגווייליג־קייט פון א הייליגען.

דעליאָן אַלס פערזאָן, אַלס א מאָראַלישע קראַפט, האָט זעלטען־וואו צו זיך א גלייכען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. דעליאָן, וואָס האָט געפריידיגט אַפטמאָל, ווי א רשע, און געלעבט שטענדיג, ווי א צדיק; דעליאָן, וואָס האָט זיך פאַר קיין מאַכט ניט געבויגען, וועלכען מען האָט מיט קיין זאַך ניט געקענט קויפען; דעליאָן, וואָס האָט דעם גאַנצען לע־בען אונערמידליך געאַרבייט — געלעקטשורט, געשריעבען, איבערזעצט, און האָט אָבגעגעבען אַלע פערדיענסטען דער פאַרטיי, און געלעבט מיט זיין פאַמיליע אין דחקות, און געשטאָרבען אַן אביון אין האָספּיטאַל — דאָס איז ווירקליך א גרויסע שטראַהלענדע מאָראַלישע קראַפט.

לאַנג לעבען זאָל אין אונזער פערשטעלונג די הערליכע, די בעגייסטערענדע עראינערונג וועגען דניאל דעליאָן!

לייוויק האַלפּערן

* * *

ב'עפען אַלע פענסטער,
עפען ברייט די טיר,
עמיין ווי מיט כשוף
גיט מיין האַרץ א ריהר.

ווערט מיין גאַנצער לעבען
לייכט — א קינדער־שפּיעל;
ערגעץ טומלען מענשען,
איך — בין רוהיג, שטיל.

יאָגען זיך פונאַנדער
מיינע טרוימען פריי,
ווי — פון חדר אינגלעך
אין דעם חודש מאַי.

ווי א מאַן פון תפיסה
לויפט מיט פרייד אהיים, —
טראָגט זיך מיין נשמה
הויך אין הימעל־רוים.

ב'עפען אַלע פענסטער,
עפען ברייט די טיר,
עמיין א מכשף
גיט מיין האַרץ א ריהר...

ב. ריווקין

די ראָקעפעלערס אין קאָלאָראַדאָ

פרעזידענט ווילסאָן האָט אויפגענומען א דעפּוטאַציע פון די מיינער־פרויען, פון די, וואָס זיינען צופעליג לעבען געבליעבען נאָך דער בלוט־באָד ביי לודלאָ, דעם 20טען אַפּריל, אין וועלכער ראָקאָפעלער האָט טובל געווען זיינע מיליאָנען. אייגענטליך האָט ראָקאָפעלער געהאַט פאַר זיי גרייט א פאַרטיגען טויט: ביי איינער פון זיי, מרס. דזשאלי, האָבען ראָקאָפעלער'ס קוילען אַראָבגעשאָסען די אבצאסען פון די שיך און אָבגעסמאַליעט די האָר אויפ'ן קאָפּ. די אַנדערע, מרס. טאמאס, האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון א קליינער אַרמיי קינדער און האָט זיי פאַרבייגעפיהרט פאַרביי די אָפענע מיילער פון ראָקאָפעלער'ס האַרמאַטען, בעת זיי האָבען געשפּיגען מיט פייער. עס פאָדערט א היבשע מאָס חוצפּה צו בלייבען לעבען נאָך אַזעלכע דייטליכע סמנים, אז דער טויט לויערט אויף דיר. און זיי זיינען נאָך געקומען צום פּרעזידענט דערצעהלען וועגען דעם נס, וואָס עס האָט מיט זיי געטראָפען.

די מעשה איז בעקאַנט: ראַקאָפעלער האָט אָרגאַניזירט א גענג פון „דזשיפּ דהי בלודס“, זיי אַוועקגעזעצט אין געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען, אלס דזשעק ראָוזעס האָט ער פאַר זיי אָנגעשטעלט א גענעראַל מיט א גובערנאַטאָר און אין גראָהען שיין פון בעגינען האָט ער זיי געשיקט אויסשלאַכטען פרויען און קינדער. איינער, וועלכער איז אַזאַ פרומער קריסט ווי ראַקאָפעלער, און וועמעס האַרץ איז אַזוי איבערפילט מיט ליעבע און וועמעס געוויסען איז אַזוי ריין, מעג זיך אַזוינס ערלויבען!

איינס פון די קינדער, וואָס האָט זיך צופעליג ניט אָבגעבראָטען מיט די איבריגע קרבנות פון ראַקאָפעלער'ס מענשען־ליעבע, איז געזעסען ביים פּרעזידענט אויף די הענד, ווען די פרויען האָבען דערצעהלט זייער געשיכטע. ער איז געוועזן גערירט. ער האָט כמעט געוויינט. אָבער ער האָט זיי ניט געקענט העלפען. ער האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. ער צווייפעלט, צי ער האָט א קאָנסטיטוציאָנעלעס רעכט צו צווינגען ראַקאָפעלער'ן צו סעטלען. ער האָט מורא צו צושטערען דעם גלייכגעוויכט צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. דאָס דאָזיגע גלייכגעוויכט איז א פּרינציפּ־זאַך, און פאַר א פּרינציפּ בויגט זיך אפילו דער פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס. און דער פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס מיט'ן קינד אויף די הענד האָט פאַר־געשטעלט מיט זיך א בילד פון אמת'ער הילפלאָזיגקייט!

שטאַרקער פון פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס איז דער פּרעזידענט פון דער „קאָלאָראַדאָ פיועל ענד אייראָן קאָמפּאַני“, דזשאהן ד. ראַקאָפעלער, יוניאָר, און שטאַרקער פון ראַקאָפעלער'ן איז ווידער אמאָל דער פּרינציפּ.

זיין קאָמפּאַני האָט נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען פון די סטרייקער (אַזוי ווי ער ווייס נעבאָך ניט וואָס עס טהוט זיך אין זיין קאָמפּאַני, זאָל איהם דער ליגען ניט שאַטען!). נור איין פאָדערונג קאָן ער ניט נאָכגעבען — די אַנערקענונג פון דער יוניאָן. וואָרום העכער פון אַלץ איז דער פּרינציפּ. ער פערטהיידיגט דאָס העכסטע נאַציאָנאַלע גוטס — די פרייהייט פון דעם אַמעריקאַנער. די פאָטערס האָבען אויפגעאָפּפערט זייערע לעבענס פאַר איהר, ער איז גרייט אויפצואָפּפערען זיינע מיליאָנען. די פרייהייט פון דעם אַמעריקאַנער בעשטעהט אין דעם, וואָס ער איז פריי זיך צו שטעלען אַרבייטען ביי וואָסערע בעדינגונגען ער וויל, ער איז פריי אפילו זיך צו לאָזען עקספּלאָאַטירען אויפ'ן ערגסטען אופן, און קיין יוניאָן אין דער וועלט טאָר איהם ניט אין דעם פערוועהרען. א כאַראַקטעריסטישער געשפּרעך איז פאָרגעקומען ביי ראַקאָפעלער'ס פערהער אויף דער אונטערזוכונגס־קאָמיטע פון קאָנגרעס צווישען איהם און דעם טשערמאַן:

טשערמאַן: גלויבט איהר, אז די יוניאָניזירונג פון דער אַרבייט וואָלט בעגרענעצט דעם אַרבייטער'ס פרייהייט?

ראַקאָפעלער: דאָס וואָלט מיך געצוואונגען איהם צו ענטזאַגען דערפאַר פון דער אַרבייט, איז דאָך קלאָר, אז ער איז דעריבער בעגרענעצט געוואָרען אין זיין פרייהייט.

טשערמאַן: און דערפאַר גלויבט איהר, איז דאָס א בעגרענעצונג פון זייער פרייהייט, ווען זיי בעלאַנגען צו א יוניאָן?

ראַקאָפעלער: געוויס, ווייל זיי וואָלטען דערפאַר געקראָגען אַרויסגעוואָרפען פון דער אַרבייט.

מערקט: בעלאַנגען צו א יוניאָן איז א בעגרענעצונג פון דעם אַרבייטער'ס פרייהייט ניט אן און פאַר זיך, נור ווייל עס קען זיך מאַכען א פאַל, אז ראַקאָפעלער'ן זאָל דאָס ניט געפעלען און דער אַרבייטער וועט קריגען דערפאַר אַרויסגעוואָרפען. ווי פיין און איידעל ביי ראַקאָפעלער'ן האָט זיך אויסגעאַרבייט דער בעגריף פון פרייהייט, ממש ניטאָ כמעט וואָס אָנצונעהמען. דין אַזוי ווי א שאָטען. און

דאָס איז דאָך טאַקע דער סמן פון אַן עכטען פּרינציפּ.

ווילסאָן האָט אַ פּרינציפּ, צוליעב וועלכען ער קען זיך ניט ארייננמישען; ראקאָפּעלער האָט אַ פּרינציפּ, צוליעב וועלכען ער קאָן ניט נאָכגעבען. און אין נאָמען פון אַזעלכע שאַטענהאַפּטע פּרינציפּען ווערט בעהערשט דער ארבייטער־קלאַס פון אַמעריקאַ. נייִן, אין יוראָפּ איז מען שוין אָפּענהערציגער: דאָרט רעדט מען וועגען מאַכט, טראַדיציע, אדעל, דאָרט מעסט זיך איין קלאַס מיט דעם אַנדערן אין כוחות. און דאָ איז גענוג אַ מטושטשער פּרינציפּ, און דער עולם גלויבט.

אָבער דער דאָזיגער פּערבלענדעניש מוז פערשווינדען ביי דעם שיין פון דער ווירקליכקייט. דער אמת'ער פּרינציפּ, אין וועלכען ראקאָפּעלער גלויבט אין גרונד פון זיין האַרצען, איז דערזעלבער, אָן וועלכען עס האָט זיך געהאַלטען דער פערשטאָרבענער אייזענבאַהן־ און קוילען־מאַגנאַט באַיער — „פּראדוציִרען קוילען איז אַ ביזנעס, און ניט קיין ליעבעס אונטערהאַלטונג“. און פּראדוצירען קוילען איז אַ גוּטע ביזנעס. דער דיווידענד פון דער „קאַלאָראדאָ פיועל ענד אייראָן קאָמפּאַני“ האָט זיך פערגרעסערט פון 8 אויף 75 פּראצענט אין 1913, און ראקאָפּעלער האָט פערציג פּראצענט סטאַק אין דער קאָמפּאַניע. און אין אַ ביזנעס ווערט אַלעם געשעצט פון אַ ביזנעס־שטאַנדפּונקט: מענשען־לעבענס אויך. וואָס ווייניגער מען געדיינקט, אַז די קוילען־גרעבער זיינען לעבעדיגע בעשעפעניסען, אַלץ ביליגער קאָסט דאָס געשעפט, אַלץ אַ גרעסערען פּראָפּיט טראָגט עס אריין.

און כדי דאָס געשעפט זאָל זיך לוינען אַם בעסטען, האָט די פיועל און אייראָן קאָמפּאַני ממש עקספּראָפּריאירט 80 מייל לאַנד פון דער טעריטאָריע פון יונייטעד סטייטס, אין דער סאוט פון קאָלאָראדאָ, נאָהענט צום גרענעץ פון ניו־מעקסיקאָ, און האָט דאָרט איינגעפיהרט אַן אייגענע מלוכה. די שעריפס, די דזשאָדזשעס און אַלע קאונטי בעאַמטע ווערען פון דער קאָמפּאַני ערוועהלט. די בעאַמטע פון דער קאָמפּאַני וואוטען מיט דער גאַנצער צאָהל שטימען פון אַלע וועהלער, וואָס ווערען ביי דער קאָמפּאַני בעשעפטיגט. און די געזעצע פון דער סטייט גילטען ניט פאַר איין אכטעהנטעל פון דער בעפעלקערונג פון קאַלאראדאָ, וואָס וואוינען אין לאָס־אַנימאַס, הוערפאַנאַ און די איבריגע קאונטיס, וואָס די קאָמפּאַני האָט פערכאַפּט. די קאָמפּאַני איז מעכטיג אין דער סטייט. 300.000 אַקער לאַנד פערמאָגט זי אין קאָלאָראדאָ און ניו־מעקסיקאָ. זי פּראָדוצירט 35 פּראצענט פון דער גאַנצער קוילען־פּראדוקציאָן פון קאַלאראדאָ. אַ העלפט פון דער קאַלאראדאָ'ער בעפעלקערונג איז אַבהענגיג פון די מיין־ביזנעס, דאָס מיינט, הויפּטזעכליך פון דער קאַלאראדאָ פיועל און אייראָן קאָמפּאַני און אין דער צווייטער רייהע פון נאָך צוויי קאָמפּאַניס — „מאונטען פיועל קאָמפּאַני“ און „וויקטאָר אַמעריקאַן קאָמפּאַני“ — „דהי ביג טהרי“ פון קאָלאָראדאָ, וואָס אַלע צוזאַמען פּראָדוצירען זיי 95 פּראצענט פון דער גאַנצער קוילען־פּראדוקציאָן פון קאַלאראדאָ. די 30 קלענערע קאָמפּאַניעס קענען ניט גענומען ווערען אין בעטראַכט. און, פערשטעהט זיך, די דריי קאָמפּאַניעס קאָנטראָלירען די סטייט — אייגענטליך ד ר י י פּ ע ר ז אָ נ ע ן — זיי האָבען די גאַנצע אַדמיניסטריישאָן אין פּאַקעט.

די לעדזשיסלייטשור פון קאָלאָראדאָ האָט אַמאָל געוואוסט פון בעסערע צייטען. זי האָט דורכגעפיהרט אַ רייהע געזעצע לטובת די אַרבייטער. פינף פון די פּאָדערונגען, וואָס די יוניאָן האָט איצט ארויסגעשטעלט — אַן 8 שטונדיגער אַרבייטס־טאָג, דאָס רעכט פון די אַרבייטער אָנצושטעלען אייגענע „טשעקוועימען“ (קוילען־וועגער), דאָס רעכט צו בעלאַנגען צו אַ יוניאָן, די אָבשאַפונג פון דער סטאָר־סיסטעם און פון צאָהלונג דורך קוויטלאַך און צוויי־וועכענטליכע צאָהלונגען אנשטאט מאָנאַטליכע — די צוויי איבריגע פּאָדערונגען זיינען אַ העכערונג אויף 10 פּראָצ. (וואָס וועט די אַרבייטער אויסגלייכען אין וויידזשעס מיט די אַרבייטער פון די דערבייאיגע סטייטס וויאָמינג און מישיגען) און די אָבשאַפונג פון די מיין־גאַרדס — פינף פון די 7 פּאָדערונגען זיינען געזעצע אין סטייט קאַלאראדאָ. אָבער וואָס געהט דאָס אָן ראקאָפּעלער'ס קאָמפּאַני, וואָס אין ביזנעס וויים זי נור איין פּרינציפּ — ביזנעס? זי האָט צו נישט געמאַכט די אַלע געזעצע. אין 1899 איז דורך דער לעדזשיסלייטשור דורכגעגאַנגען אַ געזעץ וועגען אַן 8 שעה'דיגען אַרבייטס־טאָג. דער סופרים קאָורט האָט איהם גע'פּסל'ט אַלס אונקאָנסטיטוציאָנעל. אין 1902 האָט די בעפעלקערונג אָנגענומען דעם געזעץ אַלס אַ קאָנסטיטוציאָנעלען אַמענדמענט מיט אַ מאַיאָריטעט פון 46 טויזענד. אָבער דאַמאָלס איז שוין די לעדזשיסלייטשור געווען אונטער דער קאָנטראָל פון די מיין־אָפּערייטאָרס און זי האָט ניט בעשאַפען קיין רעגלאַמענט צו בעוואָרענען די דורכפיהרונג פון דעם געזעץ. מיט דער ערוועהלונג פון פּיבאָדי אין 1902 איז אויך די אַדמיניסטריישאָן צוזאַמען מיט די קאָורטס און לעדזשיסלייטשור ארייינגעפאַלען אונטער דעמזעלבען קאָנטראָל.

און וואָס שייך די קלענערע דזשאָדזשעס זיינען זיי ספּעציעל געשטעלט אויף דעם, ניט צו דערלאָזען דורכפיהרען די געזעצע, וואָס זיינען גינסטיג פאַר די אַרבייטער. אין איין לאָס־אַנימאַס קאונטי, דאָרט וואו טרינידאַד

געפינט זיך, זיינען אין די לעצטע צוויי יאָהר פאָרגעקומען 180 מיין־עקסידענטס. די דזשורי האָט אויפגענומען 30 פעלע; אין 24 פון זיי איז געווען איין פאָרמאַן פון דער דזשורי, א פאָליטישען, און אין קיין איינציגען פאַל האָט די דזשורי ניט געפונען די קאָמפאַני שולדיג אין נאַכלעסיגקייט. יאָ, א קאָראָנער האָט יאָ אויסגעפונען א פאַל פון נאַכלעסיגקייט. אן איטאַליענער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פון א שטיין, וואָס איז געפאַלען אויף איהם. האָט דער קאָראָנער ערקלערט, אז דער איטאַליענער איז פעראונגליגט געוואָרען דורך זיין אייגענע נאַכלעסיגקייט. יעהרליך ווערט דער׳הרג׳עט 1 קוילען־גרעבער פון יעדע 50*) און דער רעפּאָרט פון דעפּיוטי לייבאָר־קאָמישיאָנער, ברייק, ערקלערט, אז 50 פּראָצענט פון די אונגליקס־פּעלע וואָלטען געקענט אויסגעמידען ווערען. און דיזע אַלע לעבענס קאָסטען דער קאָמפּאַני קיין סענט ניט. יאָ, אין איין פאַל האָט ראקאפעלער׳ס קאָמפּאַני יאָ פאָרגעשלאָגען א טאָכטער פון א דער׳הרג׳עטען אַרבייטער 20 דאלאר. און אגב, ווען זי וואָלט גענומען צאָהלען, וואָלט זי זיך גאָרניט געקענט אויסצאָהלען, כאָטש די קאָמפּאַני, ווי מיר האָבען געזעהן, מאַכט אַזעלכע גרויסע פּראָפיטען. אין 1913 האָט זי ארויסגענומען פון די מיינס מיט 8 פּראָצ. מעהר קוילען ווי אין 1912 — אויף 35־40 מיליאָן דאלאר מעהר ווי אין 1912. איינגעהמען וואָס מעהר און וואָס ווייניגער דערפון ארויסגעבען פאַר די אַרבייטער — דאָס איז פּונקט אַזא הויכער פּרינציפּ ביי דער ראקאָפעלער־קאָמפּאַני, ווי ביי ראקאָפעלער׳ן דער פּרינציפּ פון דער אינדיווידועלער פּרייהייט. דער אַרבייטער פערדיענט ביי איהר דורכשניטליך דורכ׳ן יאָהר 600 דאָל. אַרבייטען אַרבייט ער לויט דעם געזעץ 8 שטונדען און אין דער פּראַקטיק 10 און 12 און 15 און מעהר.

ווילט איהר זיך נאָך מעהר בעקענען מיט די פּרינציפּען פון דער ראקאָפעלער קאָמפּאַני? אין אָקטאָבער 1913 איז די „וואולקאַן מיין“ ערקלערט געוואָרען פון די סטייט־אינספּעקטאָרס פאַר לעבענס־געפעהרליך. האָט די ראקאָפעלער־קאָמפּאַני אונטערגעשטעלט א דאָממי־קאָמפּאַני — „דהי קאריעל מיין ליעסינג קאָ.“, וועלכע האָט געטריבען דאָס געשעפט ווייטער. אין דעצעמבער איז די ערוואַרטעטע קאטאַסטראָפּע פאָרגעקומען און די קאָמפּאַני האָט באַנקראָטירט. 37 לעבענס זיינען אומגעקומען און קיינער איז ניט פעראַנטוואָרטליך. אָבער ראקאָפעלער, ווי בעוואוסט, מישט זיך ניט אין די אַלע זאַכען: ער האָט פולען צוטרויען צו זיינע מענעדזשערס און ער האָט נאָך קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאַט. זיין געוויסען איז ווי ביי אן אונשולדיגע בייבי.

קיינע פערהיטונגס־מיטלען ווערען ניט אָנגענומען. די געזעצען פון סטייט ווערען ניט אַנערקענט. די סטייט־אינספּעקטאָרען ווערען זעהר ניט גערען צוגעלאָזען צו די מיינס. „מיר בעטרייבען די מיינס, ניט די סטייט!“ — האָט איין אינספּעקטאָר בעקומען אן ענטפער פון א סופּעראינטענדענט. דאָס אייגענטומס־רעכט שטעהט איבער׳ן סטייט און די קאָמפּאַני׳ס פּלענט איז א טעריטאָריע און א מלוכה פאַר זיך. זיי האָבען פערוואַנדעלט די סטייט־וועגען אין פּריוואַטע וועגען און די מעמבערס פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיטע פון קאָנגרעס האָבען געמוזט נעהמען א פּעס צו קענען פאָהרען אויף זיי.

און ווען די קאָמפּאַני וויל ניט ליידען די אריינמישונג פון סטייט, ווייל דאָס קען איהר שאַדען צו די ביזנעס, איז די מיינערס יוניאָן ביי איהר בפרט און בפרט פערהאַסט. די יוניאָן וויל זיך ארונטערלאָזען מיט׳ן מיינער אין דער מיין און וויל נעהמען זאָגען א דעה אין דער רעגולירונג פון דער אַרבייט. אויף אַזוי ווייט האָט די סטייט קיינמאָל ניט געוואַגט. די יוניאָן וויל מאַכען א טיעפען שניט אין דער קאָמפּאַני׳ס פּראָפיט. דאָס טאָר מען בשום אופן ניט דערלאָזען. יעדער יוניאָן־מאַן זאָל ווערען דיסטשאַרזשד! וואָס פאַר א ווערטה האָט ראקאפעלער׳ס פּרינציפּ אין בעצוג צו דער אַמעריקאַנער פרייהייט אין פערגלייך מיט זיין קאָמפּאַני׳ס פּרינציפּ פון דער אונבעריהרליכקייט פון פּראָפיט!

מיט דער יוניאָן האָט די קאָמפּאַני א סכסוך זייט 20 יאָהר, זייט 1894. דאַמאָלס האָט די יוניאָן אָבגעהאַלטען א זיעג מיט דער הילף פון פּאָפּוליסטישען גאָווערנאָר ווהייט. אן 1902 האָט די יוניאָן פערלאָרען. די קאָמפּאַני האָט פערפּלייצט די מיינס מיט סקעבס — מיט גריכען, איטאַליענער, סלאַווען, אונגאַרען א. ז. וו. — 36 לשונות האָט זי דורכגעמישט. די יוניאָן זאָל אפילו קיין צוטריט ניט האָבען צו זיי. און דאָך האָט די יוניאָן געטהאָן איהר אַרבייט אין געהיים און אין פערלויף פון 10 יאָהר האָט זי אָנגעפיהרט 4 סטרייקס. דער לעצטער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבען דעם 23טען סעפּטעמבער. די

*) אגב אורחה א קליינע סטאַטיסטיק: קאָלאָראַדאָ האָט אריבערגעיאָגט אַלע איבריגע סטייטס לויט דער צאָהל פון מיין־אומגליקען. אין 1909 איז די צאָהל אומגעקומענע אין אילינאָיס געווען 3 פּראָצ. פון טויזענד, אין פּענסילווייניא עפּעס מעהר פון 3, אין קאָלאראדאָ אין 1910 — 21½.

דאָס יאָהר 1913 איז איבערהויפּט געווען אן אונגליקס־יאָהר פאַר גאַנץ יונייטעד סטייטס, דאָס יאָהר האָט אריבערגעשטיגען 1912 מיט 425 מיין־אונגליקען — מיט 18 פּראָצ. מעהר. יונייטעד סטייטס האָבען אין 1913 געגעבען 4 איין פינפטעל פון טויזענד—אויף 728,355 בעשעפטיגטע קוילען־מיינערס — 2785 אומגעקומענע; אין ענגלאַנד איז דער פּראָצענט מיט דריי מאָל קלענער; אין דייטשלאַנד מיט 2 מאָל. ענגלאַנד בעשעפטיגט א מיליאָן קוילען־גרעבער; דייטשלאַנד 612 טויזענד.

יוניאָן האָט געשיקט צו דער קאָמפּאַני אַן איינלאַדונג צו א דזשוינט קאָנפערענץ. קיין ענטפער איז ניט געקומען. אנשטאט דעם האָט די קאָמפּאַני געדונגען די באַלדווין־פעלטס דעטעקטיוו־איידזשענסי, וועלכע האָט זיך אזוי אויסגעצייכענט אין וועסט־ווירדזשיניא, און מיט איהר הילף האָט די קאָמפּאַני אָרגאַניזירט אַן אַרמיי פון „גאָון־מען", זיי בעוואפענט מיט די טויטליכסטע געוועהר און זיי לויזגעלאָזען אויף די סטרייקערס. די סטרייקערס (12 טויזענד אין צאָהל) זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון דער קאָמפּאַני'ס הייזער און זיי האָבען זיך אין מיטען ווינטער געמוזט בעזעצען מיט ווייב און קינד אין צעלטען. און דאָ הויבט זיך אָן א רייה בלוטיגע געשעהניסען. אָט איז איינס פון די ערשטע:

א געפּאַנצערטער אויטאָמאָביל, מיט א הארמאַט, וואָס שיסט 400 קוילען אין א מינוט, קומט צו א צעלט־קאָלאָניע — פּאַרבס. אין אויטאָמאָביל זיצען 5 דעפּיוטיס, פון זיי 3 דעטעקטיווס. זיי שטעלען ארויס א ווייסען פלעג און רופען צו די מענער צו זיך: „זייט איהר יוניאָן־לייט?" — פרעגען זיי, און בעקומענדיג דעם ענטפער: „יאָ", לויפען זיי אָב אָן א זייט און שרייען אויס: „היט זיך!" און לאָזען די מאַשין ארבייטען. 47 קוילען האָבען דורכגעלעכערט איין צעלט. א 15־יעהריגער אינגעל האָט בעקומען 9 וואונדען אין פוס, איין מיינער איז גע'הרג'עט געוואָרען. דאָס איז בלויז געווען אַן אָנלערנען, אזא מין לעקציאָן, צו ווייזען די ווילדע סלאַווען, וואָס מיר אַמעריקאַנער דעטעקטיווס קענען! און נאָכדעם קומען די בעקאַנטע בלוטיגע געשעהניסען און די לודלאָ־בלוטבאָד.

אין ראָקאָפעלער'ס מלוכה האָט מען גענומען שלאַכטען ווייבער און עופה'לעך. דער פאָטער, ברודער און מאַן, וואָס האָט זיך גענומען צום ביקס אין פערטהיידיגונג, האָבען געטהאָן זייער פפליכט. טויזענדער הערצער איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען זיך אָנגעצונדען און ווען דאָס וואָלט ווייטער אָנגעהאַלטען, וואָלט געוואָרען א געלאף קיין קאָלאָראַדאָ פון וואָלאָנטיאָרען איינצונעהמען ראָקאָפעלער'ס פעסטונג. די פרויען, וועלכע האָבען געלאָדען די ביקסען פאַר זייערע מענער, לאָמיר זיי בעוואונדערען. זיי זיינען היילינע...

ווילסאָן האָט געשיקט פעדעראַל מיליטער צו האמעווען ראָקאָפעלער'ס „גאָון־מען" און צו... דאָס שיקען מיליטער איז א שווערד מיט צוויי שאַרפען. ווען די בערוהיגונג וועט קומען, וועט דער שאַרף זיך ווענדען געגען די ארבייטער און העלפען ראָקאָפעלער'ס קאָמפּאַני צום זיעג. ווייל ווילסאָן גלויבט אין פּרינציפּ פון גלייכגעוויכט צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט.

און נאָך עפּעס: אפילו אין הייסען מאָמענט, ווען אין דער לופטען האָט זיך נאָך געטראָגען דער ריח פון אָבגעסמאַלעטע מענשען־לייבער, האָבען מיר געלייענט אין דער בורזשואזער פּרעסע („איווינינג פּאָסט") עדיטאָריעלס מיט אָנצוהערענישען, אז ווען די מהומה וועט זיך איינשטילען, וועט מען זיך רעכענען מיט אַלע שולדיגע. דער מיליטער געריכט האַלט אין ריינוואשען די מערדערישע מיליץ פון קאָלאָראַדאָ, אָבער אונטער דער צייט טהאָגט מען ארויס אין דער שטיל אינדייטמענטס געגען ארבייטער, איינעם נאָכ'ן אַנדערען. און בעת ראָקאָפעלער וועט בלייבען אזוי אונשולדיג ווי דאָס קינד, וואָס ווילסאָן האָט געוויעגט אויף זיינע הענד, וועלען ארבייטער, אפשר, בעצאָהלען מיט זייערע לעבענס פאַר דעם ראָקאָפעלער'שען פרייהייטס־פּרינציפּ.

מאַני לייב

נקמה

ער איז געשטאָרבען יונגערהייט, א שטאָלצער, אויף דער תליה,
זיין שעהנעם טויט האָט נור געזעהן דער תליון און די נאַכט.
און ווען מען האָט צו אונז די בשורה פון זיין טויט געבראַכט, —
אָהן טרעהרען, שטומע, האָבען מיר נאָך איהם געריסען קריעה.
און שטומע האָבען מיר נקמה'דיגעס, בלוטיגעס פערטראַכט.

און איין מאָל אין א שוואַרצער נאַכט, ווי קריכענדיגע שלאַנגען,
געלויערט האָבען מיר די טריט פון שוואַרצען פיינד.
און שיפענדיג, ווי שלאַנגען, האָבען מיר געשוואָרען: — היינט!
און אז די זון איז גאָלדיג העל אין מאָרגען אויפגעגאַנגען,
האָט אין דער זון אונז שמייכלענדיג זיין שעהן געזיכט געשיינט.

דר. נ. סירקין

מלחמה מיט מעקסיקא אדער שלום?

אקוראט ווי דאס נאאיווע קינד גרעטכען אין געטהע'ס „פאוסט" האלט אלץ אין איין טרעפען און פרעגען און ענטפערען: „ליעבט ער, אדער ליעבט ניט?", אזוי שטעהט אויך דער אמעריקאנער בירגער און האלט אין איין טרעפען און פרעגען: „וועט זיין מלחמה מיט מעקסיקא, אדער שלום?" און ניט די אויסגעבראכענע מלחמה און ניט דער באלדיגער איבערגאנג צו שלום־פערהאנדלונגען האבען אייגענטליך אריינגעבראכט זיכערהייט אין די לאגע. דער שיקזאל פון מעקסיקא, דער שיקזאל פון די בעציהונגען צווישען די פעראייניגטע שטאאטען און מעקסיקא, איז דונקעל.

די מלחמה אין מעקסיקא האט קודם כל אריינגעבראכט אין א פערלעגענהייט די רעגיערונג זעלבסט. א פערלעגענהייט, וועלכע שטעלט ארויס די דעמאקראטיש־פראגרעסיווע האלבקייט גאנץ הילפלאז. פאר רוזוועלט'ן, פאר'ן געוועזענעם פאליציימייסטער און איצטיגען לויבען־יעגער, וואלט די זאך געוועזען לייכט; זיין ביג־סטיק־נשמה וואלט גובר געווען זיין פראגרעסיווען חומר, און איבער'ן גאנצען לאנד וואלט מען שוין גענומען קלינגען אין די בלוטיגע גלאקען פון מלחמה. ווילסאן און ברייען זיינען אבער אנדערע מענשען. עס איז שווער פאר דעם ארימען פראפעסאר ווילסאן אנצוטאן זיך, אפילו אין געדאנקען, אין דער גענעראלסקער קאסקע און ארויסציהען דעם שווערד צו מלחמה, און זיך זעלבסט, און זיין פארטיי, אוועקשטעלען פאר דעם משפט פון אונזער ציוויליזירטער צייט, וואס פערדאמט מלחמה. און דער אונגליקליכער ברייען! ער איז זיין גאנצעס לעבען געווען אן אנהענגער פון די פריעדענס־געזעלשאפטען; ער איז געפאהרען צו דעם גרויסען טאלסטאי אין יאסנאיא פאליאנא, און האט אלס קאנדידאט פאר פרעזידענט געהאלטען אזעלכע שעהנע דרשות וועגען מענשען־ליעבע; ער האט געוואלט פעראייניגען אידעאלען מיט בורזשואזער פאליטיק. און קוים האט ער זיך ארייגעזעצט אין דעם רעגיערונגס־זאטעל, קומט איהם שוין אויס צו רופען צום שלאכטפעלד, און מיט טייכען מענשליכע בלוט אבוואשען הוערטא'ס חטא געגען דעם אמעריקאנער פלעג. טאלסטאי'ס שאטען הויבט זיך אפשר אויף פאר ברייען'ס אויגען און דערמאהנט איהם דעם פורכטבארען געבאט: לא תרצח!

אויב די געלע הוירסט'שע פרעסע העצט און טרייבט צום קריעג, איז דאס ניט נור צוליעב די קאפיטאליסטישע אינטערעסען פון זייער אייגענטימער, נור אויך ווייל זי גלויבט דערמיט ארויסצורופען דעם ענטוזיאזם פון דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער. דאס איז דער זינן פון דער היציגער מלחמה־אגיטאציאן אין דער געלער פרעסע. דער קריעג איז דאך די העכסטע און אויפרייצענדסטע סענסאציאן פון טאג. אבער די געלע סענסאציאנעלע פרעסע האט איבערגעשעצט די סענסאציאנס־לוסטיגקייט און די דזשינגאיסטישע ווילדקייט פון דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער. דער קריעגטומעל האט אויף קיין אופן ניט ארויסגערופען די בעגייסטערונג, וועלכע מלחמות רופען געוועהנליך ארויס. דאס אמעריקאנער פאלק האט נור לייכט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ צו ווילסאנ'ס פערטהיידיגונג פון פלעג; דאס הארץ איז אבער געבליבען קאלט, גלייכגילטיג. קאלטקייט אין א מלחמה־טומעל איז אבער דער ערשטער שריט צו אפענער קריטיק און פיינדשאפט. דער גייסט פון דער נייער סאציאליסטישער קולטור פערטרייבט די שאטענס פון מלחמה־בארבאריי און פעלקער־מארד, און איידער קריעג איז אבגעשאפט געווארען אין דער וועלט, שטעהט דאך שוין דער אינטערנאציאנאלער פראלעטאריאט מיט דעם גרינעם פאלמען־צווייג פון פריעדען אין זיין האנד. דער קריעג ווערט בעטראכטעט ביי אלע קולטורפעלקער אלס די אונגליקליכסטע אוואנטיורע. די ענטשיעדענע רעזאלוציאן פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי, וואס פערדאמט דעם קריעג און רייסט פון איהם אראב זיין פאטריאטישע מאסקע, האט געפונען אן אבקלאנג ווייט אויסערהאלב די גרענעצען פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער בעוועגונג.

די פערדאמונג פון דעם קריעג קען אבער אלץ נאך ניט לייזען דאס מעקסיקאנישע פראבלעם, וואס האט זיך דוקא איצט נאך מעהר פערשארפט. דער בירגער־קריעג אין מעקסיקא, דער צוקינפטיגער שיקזאל פון דיעזען לאנד, איז זעהר שטארק נוגע די פערשיעדענע קאפיטאליסטישע אינטערעסען, וועלכע האבען זיך איינגעזויגען אין מעקסיקא; דער קריעג האט אויך א בעדייטונג פאר די אויסברייטונגס־פאליטיק פון די פעראייניגטע שטאאטען ביז צום פאנאמא־קאנאל.

די אונענדליכע בונטען און מלחמות אין מעקסיקא האבען ערנסטע עקאנאמיש־סאציאלע אורזאכען. אבער דער קלאסען־כאראקטער פון

די מלחמות איז אָפּט אָבגעווישט געוואָרען אין דעם פּעררעטה פון די פּיהרער; דורך די קולטורעלע אונבעהאָלפענקייט פון פאָלק פערוואנדעלט זיך אָפט דער קאמפף פון די קלאַסען פאַר בעפרייאונג אין א קאמפף פון גרופען פאַר מאַכט. די רעוואָלוציאָנערע מלחמות, וועלכע ווערען די לעצטע יאָהרען געפיהרט אין מעקסיקאָ אזוי מוטהיג, אזוי ענטשלאָסען, זיינען, הויפּטזעכליך מלחמות פון די אונטערדריקטע שקלאַפען געגען זייערע בעדריקער; דאָס זיינען בונטען פון די אונגליקליכע פערשקלאַפּטע לאַנד־אַרבייטער, די פּעאָנס, געגען די רייכע גוטס־בעזיצער, קאַפּיטאַליסטען און געגען דער רעגיערונגס־מאַשין, וועלכע זיי קאָנטראָלירען.

און דיזע מלחמות וועלען קיינמאָל ניט איינגעשטילט ווערען, ווייל דער מעקסיקאַנער שקלאַף האָט זיך שוין אויפגעהויבען און ערוואַכט. איידער טראָגען דעם יאָך פון שקלאַפעריי, הויבט ער אויף דעם שווערד פון רעוואָלט. דער שיקזאַל פון מעקסיקאָ ריהרט דערפאַר אָן קודם כל דאָס געוויסען פון דעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט.

קיין לאַנד אין דער וועלט האָט ניט געהאַט אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט אזוי פיעל אונרוהען, אונגליקען, בלוטיגע מלחמות, ווי מעקסיקאָ. צווישען אַנדערע אורזאַכען האָט דאָ געשפּיעלט א ראָלע אויך דער פאַקט, וואָס מעקסיקאָ איז א לאַנד און ניט קיין פאָלק. איצט געפינען זיך צווישען די 15 מיליאָן איינוואָהנער פון מעקסיקאָ 19 פּראָצענט ווייסע שפּאַניער, 38 פּראָצענט איינוואָהנער מיט געמישטען בלוט און 43 פּראָצענט אינדיאַנער. אין די דריי הונדערט יאָהר פון דער שפּאַנישער רעגיערונג איבער מעקסיקאָ, פון 1521 ביז 1821, האָט דאָס לאַנד געהאַט נאָך א קלענערע פּראָפּאָרציאָן פון ווייסע שפּאַניער, וועלכע האָבען געהערשט איבער דאָס גרויסע אינדיאַנער־לאַנד. די קאַטאָלישע קירכע, די אַרמעע און די שפּאַנישע בעפעלקערונג האָבען געהאַלטען דאָס לאַנד אין שקלאַפעריי און אונטערדריקונג, האָבען עס בלוטיג עקספּלאָאַטירט און גייסטיג דעמאָראַליזירט. מעקסיקאָ איז בעטראַכטעט געוואָרען פון שפּאַניען נור אַלס לאַנד פון זילבער און רייכע מינעראַלען, פון וואַנען מען קען שעפען אוצרות און וועלכע מען האָט בלויז געדאַרפט באַשיצען פון פרעמדע ראָבערער.

ערשט פון דעם יאָהר 1810 הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט אין מעקסיקאָ, נאָכדעם ווי דער פּאַטריאָט הידאלגא האָט אויפגעהויבען די פאָהן פון רעוואָלט געגען שפּאַניען. די בעפרייאונג פון שפּאַנישען יאָך האָט אָבער ניט געעפענט פאַר מעקסיקאָ דעם וועג צו פרייער און זעלבסטשטענדיגער ענטוויקלונג. עס האָט זיך אָנגעהויבען אין מעקסיקאָ א צייט פון אינווענדיגע אונרוהען און שטענדיגע בירגער־קריעג. פון יאָהר 1821 ביז 1884 האָט זיך אין מעקסיקאָ געענדערט צעהן מאָל די פאָרם פון דער רעגיערונג. איבער פופציג פערזאָנען זיינען פאַר דיזער צייט געוועזען פּרעזידענטען, דיקטאַטאָרען; צוויי קיסרים זיינען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט. מען זאָגט, דאָס דריי הונדערט רעוואָלוציאָנען פון פערשיעדענעם כאַראַקטער זיינען פאַר דיזער צייט פערשריעבען אין דער אונגליקליכער געשיכטע פון לאַנד. ערשט מיט דער צווייטער וואַהל פון פּאָרפיריאָ דיאַז, אין יאָהר 1884, און מיט זיין פּאַקטישער אונטערדריקונג פון דער קאָנסטיטוציאָן, איז דאָס לאַנד געוואָרען א געוויסע צייט שטיל. טויטע קענען ניט שרייען, און דיאַז האָט די קעמפּפענדע פּעאָנס און די אונצופריעדענע ליבעראַלען אין די צעהנדליגע טויזענדער טויט געמאַכט.

אין פערלויף פון דער צייט פון דיזע אונענדליכע אונרוהען און בירגער־קריעג האָט מעקסיקאָ פערלאָרען 930,530 קוואַדראַט מיילען לאַנד צו די פערייניגטע שטאַאטען. דאָס הייסט, מעהר איידער א העלפט פון איהר גאַנצער טעריטאָריע. אין יאָהר 1836 האָט זיך טעקסאס אָבגעריסען פון מעקסיקאָ, און אין יאָהר 1845 האָט עס זיך אָנגעשלאָסען אָן די פעראייניגטע שטאַאטען, און די פאָלגע דערפון איז געוועזען דער קריעג צווישען די פעראייניגטע שטאַאטען און מעקסיקאָ. אין יאָהר 1848 איז געשלאָסען געוואָרען א שלום צווישען די ביידע לענדער, וועלכער האָט אַנערקענט די נייע לאַגע. אין סך הכל האָבען די פעראייניגטע שטאַאטען אָבגענומען אין פערלויף פון יענע יאָהרען פון מעקסיקאָ טיילען פון קאָלאָראדאָ, קענזעס, ניו־מעקסיקאָ, אקלאהאָמא, אריזאָנאַ, קאַליפאָרניען, נעוואדא, יוטא, ווייאָמינג. דורך דיזער עראָבערטער מעקסיקאַנישער טעריטאָריע האָבען זיך די פעראייניגטע שטאַאטען ערשט אויסגעשפּרייט פון ים צו ים און האָבען אָנגעהויבען צו עפענען דעם וועסט פאַר דער ציוויליזאַציאָן.

טעקסעס, ווי בעקאַנט, איז פון אַמעריקאַ אויפגענומען געוואָרען אין די אינטערעסען פון די שקלאַפען־האַלטער. די שקלאַפען־ווירטשאַפט האָט זיך געמוזט אויסשפּרייטען אויף אַלץ נייע און נייע טעריטאָריען. די עראָבערונגען אין מעקסיקאָ אין אַלגעמיין ווערען אָבער בעטראַכט אַלס א גרויסער און ענטשיידענער שריט פון די פעראייניגטע שטאַאטען אויף דעם וועג פון א וועלטמאַכט.

און עס איז אינטערעסאַנט אויסצוהערען א מיינונג וועגען דיזע עראָבערונגען פון קיין קלענערען אויטאָריטעט, ווי קאַרל מאַרקס,

וועלכער איז געווען א צייט־גענאָסע פון דיזע פאַסירונגען.

אין זיין בעריהמטען אַרטיקעל: „דער דעמאָקראַטישער פאַנסלאַוויזם“, פּאָלעמיזירט דער יונגער מאַרקס געגען באַקונין בנוגע צו זיינע סלאַווישע בעשטרעבונגען. זאָגט דאַביי מאַרקס פאָלגענדעס:

„די פעראייניגטע שטאַאטען און מעקסיקאָ זיינען צוויי רעפּובליקען; איןביידע איז דאָס פאָלק דער אויבערהערשער. ווי קומט עס, דאָס צווישען דיזע ביידע רעפּובליקען, וועלכע האָבען נאָך דער מאָראַלישער טעאָריע געדאַרפט זיין פערברידערט און פעדערירט, איז אויסגעבראָכען א קריעג, דאָס דער „סואווערענער ווילען“ פון אַמעריקאַנער פאָלק, וועלכער שטיצט זיך אויף די טאַפּפערקייט פון די אַמעריקאַנער וואָלאָנטירס, רוקט אוועק די נאַטירליכע גרעניצען איניגע הונדערט מייל ווייטער נאָך דעם זידען, צוליעב „געאָגראַפּישע, קאָמערציעלע און סטראַטעגישע נויטווענדיגקייטען?“ אָדער וועט אפשר באַקונין מאַכען א פאָרוואורף די אַמעריקאַנער זייער „ערָאָבערונגס קריעג“, וועלכער יוערט דאָך געפיהרט נור אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציאָן, כאָטש ער שטימט ניט מיט זיין טעאָריע, וועלכע שטיצט זיך אויף „גערעכטיגקייט און מענשליכקייט“? אָדער איז עס אן אונגליק, וואָס דאָס הערליכע קאַליפאָרניען איז אָבגענומען געוואָרען פון די פוילע מעקסיקאַנער, וועלכע וויסען ניט וואָס דערמיט צו טהאָן? איז עס אן אונגליק, וואָס די ענערגישע יענקים האָבען דורך די אויסבייטונג פון די גאָלד־מינען פערמעהרט דאָס געלד, האָבען ביים פאַסיפישען ים קאָנצענטרירט אין ווענינע יאָהרען א געדיכטע בעפעלקערונג און א גרויסען האַנדעל, וואָס זיי בעשאַפען גרויסע שטעדט, עפענען פערבינדונגען פון שיפען, בויען אן אייזענבאַהן פון ניו יאָרק קיין סאַן־פראַנציסקאָ, עפענען דעם פאַסיפיק פאַר דער ציוויליזאַציאָן און ווילען דעם דריטען מאָל אין דער געשיכטע געבען דעם וועלט־האַנדעל א נייע ריכטונג? די „אונאָבהענגיגקייט“ פון איניגע שפּאַנישע קאַליפאָרניער און טעקסיאַנער וועט אפשר דערביי ליידען, די „גערעכטיגקייט“ און אַנדערע מאָראַלישע פּרינציפּען ווילען אפשר דאָ אָדער דאָרטען פערלעצט ווערען, אָבער וואָס האָט דאָס פאַר א ווערטה געגען אַזעלכע וועלט־געשיכטליכע טהאַטזאַכען?“ (אויס דעם ליטעראַרישען נאַכלאַס פון קאַרל מאַרקס, באַנד 3, זייטע 249-50).

דיזע מערקווירדיגע ווערטער פון קאַרל מאַרקס, וועלכע ווערען ערשט איצט, אין דער צייט פון דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, גאַנץ פערווירקליכט, ווייזען אונז, ווי מאַרקס האָט זיך דאַן פערהאַלטען צו דעם קריעג פון אַמעריקאַ געגען מעקסיקאָ.

פערשטעהט זיך, איצטער איז די לאַגע אין מעקסיקאָ א גאַנץ אַנדערע. די געזעלשאַפטליכע קרעפט־פערהעלטניסע אין מעקסיקאָ זיינען גאַנץ אַנדערע, די בעציהונגען צווישען מעקסיקאָ און די פעראייניגטע שטאַאטען זיינען אויך גאַנץ אַנדערע.

א האַלבער יאָהרהונדערט איז זייט דאַן פאָראיבער. די גאַנצע צייט האָבען די פעאָנס ניט אויפגעהערט צו פאָדערען ערד און פרייהייט און צו בונטעווען זיך. און דאָס איז אויך געווען א האַלבער יאָהרהונדערט פון קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג. אין די 25 יאָהר פון דער דיאַז דיקטאַטור האָט זיך דער אויסלענדער גרויס־קאַפּיטאַל אריינגעכאַפּט אין מעקסיקאָ און בעהערשט דאָס לאַנד. מעקסיקאָ איז געוואָרען א קאַפּיטאַליסטישעס לאַנד. עס עפענען זיך דאָרט די גרעסטע און ווייטעסטע מעגליכקייטען פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, און בעזונדערס פאַר דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל.

מעקסיקאָ איז רייך אין לאַנד, וואַסער, בערג, זון און מעטאַלען. עס וואַקסען דאָרט געטריידע, קאַפּע, קאַטאַן, טראָפּישע פרוכטען און פלאַנצען, און אין דער ערד געפינען זיך זילבער, גאָלד, קופּער און די פערשיעדענסטע אַנדערע מעטאַלען. ניט אומזיסט האָט הומבאָלד אָנגערופען מעקסיקאָ: „דער אוצר פון דער וועלט“. און אָט אויף דיזען אוצר פון דער וועלט האָט זיך ארויפגעוואָרפען דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל און גענומען עס אויסנוצען אויף אן אונגעהייערען אופן. און די אַלע אונטערנעהמונגען, באַהנען, פערבינדונגען, קאַנאַלען, שטעדט, האַנדעל און ציוויליזאַציאָן האָבען געמוזט וועקען די בעדערפניסען און אויך אויפגעוועקט די ענערגיע פון די מעקסיקאַנער.

די פעראייניגטע שטאַאטען אַליין האָבען אינוועסטעט אן ערך 7 טויזענד מיליאָן דאָלאַר אין מעקסיקאָ. הונדערטע מיליאָנען האָבען אינוועסטעט די איראָפּעאישע קאַפּיטאַליסטען. די „סטענדערד אָיל קאָמפּאַני“ איז געוואָרען א בעל־הבית אויך אין מעקסיקאָ. אינדוסטריע, האַנדעל, לאַנדווירטשאַפט, אייזענבאַהנען — האָבען אָנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען מיט גרויסע האַסטיגקייט און אָנגעהויבען וועקען דאָס פאָלק.

די אינדוסטריעל־קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג האָט נאָך מעהר אויפגעוועקט די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די מעקסיקאַנער. די אינדיאַנער און קרעאָלען, וועלכע זיינען איבער פינף פינפטעל פון פאָלק, זיינען שטענדיג געווען די שקלאַפען פון דער שפּאַניש־אַריסטאָקראַטישער מינאָריטעט. די „האַציענדאַס“, דאָס הייסט די גרויסע גוטס־בעזיצער, האָבען

שוין פון פריהערע צייטען פערכאפט דאס לאנד און האבען געהאלטען דאס ברייטע פאלק אין שקלאפעריי. דער בעזיצלאזער מעקסיקאנער איז געווארען דער עלענדער פערשקלאפטער פעאן פון דעם רייכען האציענדא, וואס געוועלטיגט איבער איהם נאך א סך גרויזאמער איידער דער אמאליגער פריץ איבער זיין בויער. אין דער צייט פון דיאז איז יעדעס בעסערע שטיק לאנד פערכאפט געווארען און פערטיילט געווארען צו די רייכע שפאנישע פאמיליעס. די געוואלדיגע נאטור־רייכטימער, די מיינס, וועלדער א. ז. וו. זיינען איבערגעגאנגען אין דעם רשות פון די פרעמדע קאפיטאליסטען. דאס מעקסיקאנער פאלק טהוט די שקלאפען־ארבייט אויף די פעלדער ביי די האציענדאס, אין די מיינס ביי די קאפיטאליסטען, ביי די אייזענבאהנען און קאנאלען, אהן וועלכע עס איז רעכט, אהן בילדונג, אהן שוץ. דאביי לעבט אבער אין איהם דער בעוואוסטזיין, דאס די גרויסע מאיאריטעט פון פאלק ווערט אונטערדריקט פון דער קליינער מינאריטעט; דאביי טראגט ער פלאמענד אין זיין הארצען די אלע אלטע טראדיציאנען פון מלחמה און בונטען.

אין יאהר 1910 איז אויסגעבראכען די רעוואלוציאן פון מאדערא, וועלכע האט געשעפט איהר קראפט אין דער ערוואכטער רעוואלוציאנערער אונרוהיגקייט פון פאלק. אין מעקסיקא האט ווידער אויפגעפלאקערט דער בירגער־קריעג. די אמעריקאנער עפענטליכע מיינונג איז געוועזן אונזיכער און צווייפעלהאפט. קריעג איז היינטיגע צייטען ניט פאפולער. דער אמעריקאנער קאפיטאל, אמת, האט ניט געהאט קיין פערגניגען פון דער אויסגעבראכענער רעוואלוציאן, ער האט אבער אויך ניט געזעהן קיין האפנונג, אז מעקסיקא זאל פערכאפט ווערען פון די פעראייניגטע שטאאטען.

דעם אמעריקאנער קאפיטאל האט שטארק זיך געוואלט אזא דיקטאטאר ווי דיאז, און אונטער דער הערשאפט פון פרעזידענט טעפט, האט מען פערשיעדענעס געטהאן, כדי דיאז'ן ארויסצוהעלפען. דאס גאנצע מעקסיקאנישע פאלק האט זיך אבער אויפגעהויבען געגען דעם בלוטיגען דעספאט. דיאז האט געמוזט אנטלויפען. מאדערא איז געווארען פרעזידענט. די שעהנע ערווארטונגען פון די פעאנס זיינען אבער ניט פערווירקליכט געווארען.

מאדערא, אליין זעהר א רייכער מאן, האט זיך ארומגערינגעלט מיט די גרויסע גוטס־בעזיצער, וועלכע האבען, ווי פריהער, בעל־הבית'עוועט איבער'ן לאנד. און די פעאנס האבען זיך ווידער גענומען פאר די וואפען — דיזען מאל שוין געגען מאדערא'ן. און דא האט זיך אריינגעמישט דער געוועזענער אמבאסאדאר ווילסאן, טעפט'ס אמבאסאדאר. „אונזער" אמבאסאדאר האט, צוזאמען מיט פארפיריא דיאז'ס פלימעניק און גענעראל־הוערטא, ארונטערגעזעצט מאדערא'ן פון דער ממשלה, איהם אויף א נידערטרעכטיגען אופן ערמארדעט, און גענעראל הוערטא האט זיך אליין געמאכט פאר פרעזידענט.

איבער'ן גאנצען לאנד האט ווידער אויפגעפלאקערט דער אויפשטאנד. דער פעאן וויל לאנד און פרייהייט, און ער וועט זיינע וואפען ניט אוועקלייגען, ביז וואנען ער וועט עס עראבערן. און אט די גרויסע רעוואלוציאן געגען הוערטא'ן איז שוין קלארער אין איהר בויערליך־פראלעטארישען כאראקטער; זי ווערט אויך אנגעפיהרט ניט פון פאליטיקער, נור פון „באנדיטען", מיט אנדערע ווערטער, פון רעבעלען אין נאמען פון עקאנאמיש־סאציאלע אינטערעסען. און אויב די „באנדיטען" וועלען ניט פערראטען די רעוואלוציאן אזוי ווי די „האציענדאס", קען דער נצחון פון דער רעוואלוציאן געגען הוערטא אויך ווערען דער אנהויב פון א סאציאלער און דעמאקראטישער איבעראנדערשונג פון מעקסיקא.

דא איז אבער אריינגעפאלען די מלחמה מיט אמעריקא. פרעזידענט ווילסאן האט פון אנפאנג אן אנגענומען א גאנץ אנדער שטעלונג צו הוערטא, איידער פרעזידענט טעפט. ער האט הוערטא'ן, טראץ דעם דרוק פון גרויסע אמעריקאנער טראסטס, ניט אנערקענט. דעם אמבאסאדאר ווילסאן האט ער פון מעקסיקא משלח געווען. ביז'ן סוף האט ער אבער ניט געקענט אויסהאלטען. אונטער'ן דרוק פון געוויסע קאפיטאליסטישע אינטערעסען און די געלע פרעסע, האט ער די מלחמה אנגעפאנגען. די „א. ב. ס."־דיפלאמאטיע, די שלום־פערהאנדלונגען אין ניאגארא־פאלס האבען דעם ענין פערשלעפט. און דאס אמעריקאנער פובליקום ווייס בשום אופן ניט, צי איז עס א מלחמה, צי א שלום.

בעת דיזע צייל ען ווערען געשריעבען, קען מען נאך ניט וויסען, מיט וואס דאס אלעס וועט זיך ענדיגען. איין זאך איז אבער ארויסגעקומען קלאר — דאס אמעריקאנער ארבייטער־פאלק איז געגען דער מלחמה.

און עס איז איבריג צו דערצעהלען, אז די אמעריקאנער סאציאליסטען פערדאמען ענערגיש דעם קריעג. יע, מיר וואלטען זיך געשטעלט אנדערש צום קריעג, ווען די רעגיערונג פון אמעריקא וואלט ערקלערט דעם קריעג אלס א בעפרייאונגס־קריעג, כדי צו העלפען די רעוואלוציאן פון די פעאנען געגען די שפאנישע האציענדאס און קאפיטאליסטען. דאס אבער קענען ניט טהאן ניט אפילו דער פראפעסאר ווילסאן און ניט דער טאלסטאוויעץ ברייען. ווארום מען קען ניט געהן צוזאמען מיט דעם „באנדיט" ווילא אין מעקסיקא און דעם דזשענטעלמען ראקאפעלער אין קאלאראדא.

לעאָן קאָברין

טהיר נומער 3

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)

3.

נאָך דער געשיכטע מיט בעני'ן האָט מיסעס דראַבקין זיך צוויי טעג ניט געוויזען ביי מיסעס גוטמאַן. זי האָט זיך געשעהמט און מורא געהאַט פיר איהם. אין דער אייגענער צייט אָבער — מיט שרעק האָט זי דאָס געשפירט — האָט איהר געצויגען אהין, געצויגען טאַקי צו בעני'ן.

— גוואלד, וואָס איז דאָס פיר אַן אונגליק ? — האָט זי דאַן געטראַכט און געזידעלט זיך און איהר מאַן געשאָלטען פאַר איהר מערכה, פאַר זיין הוסטען, פאַר זיין געלזוכט.

אויף'ן דריטען טאָג אַזייגער צעהן אין דערפריה איז מיסעס גוטמאַן צו איהר אַריינגעקומען :

— וואָס זעהט מען אייך עפּעס ניט אָן, אַ גדולה אויף אייך ?

זי האָט געענטפערט :

— עס איז אַ מורא צו אייך אַריינצוקומען. איך בין ניט אַזאַ . . .

— ווייס איך, ער וועט אייך שוין מעהר ניט טשעפּען. איך האָב איהם אויסגערעדט.

— מיך אַרט ניט, אַז ער טהוט אַמאָל אַ שטיף מיט מיר. מילא . . . אָבער אַזוי יוי אַ באָמער ? — זי האָט זיך פּלוצים צו־וויינט — איך בין אַ מאַמע פון אַ קינד ! . . .

— נו, נו, אַ גדולה אויף אייך, ער וועט שוין וויסען . . . קומט אַריין, ער איז נישטאָ. קומט, מיר וועלען טהעע טרינקען, איך האָב היינט פיינע קייק . . .

— אָט באַלד. איך'ל נור דאָס קינד איינשלעפערען.

שפּעטער אַ ווייל׳ע האָט זי אָנגעקלאַפּט אין די טהיר נומער 3.

— ווער איז דאָרט ?

— איך, מיסעס גוטמאַן.

דאָס שליסעל פון יענער זייט האָט אַ קלונג געטהאָן, די טהיר האָט זיך געעפענט און מיסעס דראַבקין איז אַריין. אַריין און איז פּלוצים געבליבען שטעהן מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען.

אין מיטען צימער איז געשטאַנען מייביל. האַלב נאַקעט און האָט זיך געקאַמט די לאַנגע פעך־שוואַרצע האָאַר, וואָס זי האָט נור־וואָס געזויפט און מיט וואַרימען וואַסער געוואַשען.

די האָאַר האָט זי געקאַמט אויף פאָרענט און זיי זיינען מיט זייער גאַנצער שווערקייט געפאַלען איהר איבער'ן פּנים, פערדעקענדיג איהם אין גאַנצען און אויך איהר שטייפען, בעוועגליכען בוזים, וועלכער האָט פון צייט צו צייט, בעת זי האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, אַרויסגערוקט זיך פון אונטער דעם האָאָר־שלייער נאַקעט־פרעך און הייס־זינדיג, ווי פון אונטער אַ געדיכטען, שוואַרצען און פייכטען בוש. זי איז געשטאַנען מיט אַ זייט און אַביסעלע איינגעבויגט, איין דיקער רונדער אַרם מיט'ן קאַם איבער'ן קאָפּ. דאָ און דאָרט זיינען געלעגען זייף־פלעקען אויף איהר שעהנעם, געוויקסיגען, דונקעל־ראָזעווען גוף, דורך וועלכען, ווי עס האָט זיך געדאַכט, דאָס רויטע, זינדיגע בלוט האָט דורכגעלויכטען.

זי האָט זיך דאָס אַזוי געפּוצט פיר זעהר אַ רייכען „גאַסט“, וואָס זי האָט ערוואַרטעט.

מיסעס דראַבקין האָט די אויגען פון איהר ניט געקענט אָפּרייסען. אַזאַ שעהנהייט האָט זי נאָך אויף איהר לעבען קיינמאָל ניט געזעהן. אַזוי, לכל הפחות, האָט זיך איהר אויסגעוויזען.

— גוואלד — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן, — אַזאַ מיידעל האָט דאָך געדאַרפט האָבען אַ מאָנאַרכען פיר אַ מאַן. היינט ווי קומט זי אַהער ?

מיסעס גוטמאַן האָט זיך מיט אַמאָל אָנגערופען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פערענטפערן פיר מיסעס דראַבקין :

— אָי, גוואַלד, זי האָט גאָר קיין חרפּה ניט ! מייביל, אַ גדולה אויף דיר, וואָס שטעהסטו אַזוי פיר אַ פרעמדען מענשען ? געה אַריין אַהין, געה, האָב כאָטש אַביסעל בושה !...

מייביל האָט פונאַנדערגענומען די האָאָר פון פאָרענט, אַרויסגערוקט פון דאָרט דעם פּנים מיט די שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, וואָס האָבען פון דאָרטען אַרויסגעקוקט ווי פון צווישען אַ שוואַרצען ראַהם, דאַן האָט זי גאַנץ שטייף צונויפגענומען די האָאָר פון פאָרענט, אויסגעבויגט זיך, אַ ציה געטהאָן איין מאָל, אַ צווייטען, און מיט אַמאָל האָט זי אַ וואָרף געטהאָן דעם קאָפּ אַהינטען און די האָאַר, ווי אַ שוואַרצע, געדיכטע כמאַרע, זיינען איהר צוריק אויף'ן רוקען געפאַלען און זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין גאַנצען וואוקס. דערנאָך

האָט זי אַ קוק געטהאָן מיט איהרע ברענענדיגע אויגען אויף מיסעס דראבקין, זיך הויך צולאַכט און זיך אַ לאָז געטהאָן איבער'ן צימער מיט אַ ווילדען, משונה'דיג־אויסגעלאסענעם טאַנץ.

מיסעס דראבקין האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול, די אויגען איינגעגעסען אין מייביל'ן, געטראַכט אַפריהער: ווי שעהמט זי זיך ניט? דערנאָך: אַז עס מוז איהר זיין זעהר גוט, ווען זי איז אַזוי פרעהליך, אַזוי שעהן, האָט געפיהלט, ווי די באַקען ברענען ביי איהר פון עפּעס, ווי אין'ם הארצען קאָכט און קלאַפּט ביי איהר . . .

פלוצים האָט מייביל זיך אָפּגעשטעלט, סאַפּענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער פון'ם ווילדען טאַנץ, ווי אַ יונגע ברענענדיגע קליאטשע פון שנעל לויפען, און אַ ווינק געטהאָן צו מיסעס דראבקין זי זאָל צוגעהן.

מיסעס דראבקין, פערשעהמט, מיט צופלאַמטע באַקען, איז צו איהר צוגעגאַנגען.

— וואָס ווילט איהר?

— ווישט מיר אָפּ אַביסעלע דעם רוקען — האָט זי געזאָגט אויף ענגליש פערסאַפּעט — זעהט, אויב דאָרט איז ניט פערבליבען זייף . . .

און ווען מיסעס דראבקין האָט גענומען אָפּווישען די זייף־פלעקען, וואָס זיינען דאָ אין דאָרט אויף איהר גלאַטען, ווארימען קערפּער געבליבען, האָט זי אַליין דערפיהלט זעהר וואַרעם און אונטער איהר בוזים האָט נאָך הייסער גענומען קאָכען, אַזוי ווי די היץ, וואָס האָט זיך פון דעם דאָזיגען שעהנעם זינדיגען קערפּער געטראָגען, וואָלט איהר אייגענעם גוף אָנגעשטעקט און דאָס בלוט דאָרט זינדיג אָנגעצונדען. זי האָט פלוצים אַרויסגעמורמעלט:

— ווי שעהן איהר זייט, קיין עין הרע ניט!

— שעהן, הע? — האָט מייביל זיך צולאַכט און גערעדט ווייטער אויף ענגליש — איך בין אייך געפעלען, הע? זיי בין איך נאָך מעהר געפעלען, די דזשענטעללייט . . . און איהר וואָלט זיי אויך געפעלען. און יענע דיקע, רויטע מיידעל פון דעם הויז . . . ווי הייסט זי? יאָ, ברכה . . . זי וועט זיי אויך געפעלען. איהר ווייסט, בעני האָט איהר שוין אויף חתונה געמאַכט, יעס!...

— מייביל, ביזטו משוגע? וואָס רעדסטו? — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אַ בייזער געטהאָן.

— נעווער מיינד, זי איז אַן אייגענע, זי מעג וויסען — האָט מייביל בעמערקט און גערעדט ווייטער אויף ענגליש — די רויטע ברכה איז שוין באַלד דריי וואָכען פערהייראַט מיט בעני'ן און היינט אָדער מאָרגען וועט מען איהר חתונה מאַכען מיט אַן אַנדערן. קומט אויף דער חתונה, איהר וועט זיין ווילקאָמען! . . .

מיסעס גוטמאַן איז צו איהר צוגעלאָפען און האָט זי אַרויסגעשטופּט אין דעם צווייטען צימער:

— געה, טהו זיך אָן. יענער קומט באַלד!

דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו מיסעס דראבקין:

— שדים וויסען, וואו זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, שעהמט זיך גאָר ניט!

4.

מייביל האָט זיך ניט געשעהמט. דעם איינגעבאָרענעם בושה־געפיהל, וואָס וואַכט אין יעדער פרויען־נשמה, האָט זי געהאַט כמעט שוין אין גאַנצען פערלאָרען. אגב האָט דאָס דאָזיגע געפיהל קיינמאָל שטאַרק אין איהר נשמה ניט געוואַכט, פון קינדווייז אָן האָט עס אין איהר נשמה געוועלקט, ווי עס וועלקט אַ בלום אין אַ ניט געזונטער לופט.

דאָס עלטסטע פון זיעבען קינדער ביי איהרע אָרימע עלטערן, איז זי פון אַכט יאָהר אָן אַרומגעגאַנגען מיט אַ קעסטעלע קאָנפעקטען איבער די קאַפע־הייזער און מיט אַ בעטענדיגער שטימע זיך געווענדעט צו יעדען פון די געסט: „פליז, ביי סאַמטהינג". האָט אַרויסגענומען פון דעם קעסטעלע אַ שטיקעל שאָקאָלאַד מיט איהר קליין הענטעל, אויסגעשטרעקט עס צום גאַסט: „וואָן פּעני, פּליז", און איז ניט אָפּגעטראָטען, ביז זי האָט די פּעני געקראָגען. און געגאַנגען איז זי, געוועהנליך, ביינאַכט איבער די קאַפע־הייזער, ווייל בייטאָג האָט זי געמוזט אין די סקוהל געהן. פאַר צעהן ביינאַכט האָט זי זיך קיינמאָל אַהיים ניט צוריקגעקעהרט. דאַן האָט זי אין דער היים אויף דעם זעקסטען שטאָק פון אַן אַלטען, פינסטערן טענעמענט־הויז געטראָפען איהר מאַמען ביים טיש מיט'ן קוואַרטיראַנט, שפּיעלענדיג אין קאַרטען. ביי איהר מאַמען, נאָך גאָר אַ יונגע פרוי, אַ זעלטענע שעהנהייט מיט ברענענדיגע אויגען, האָבען די באַקען געפלאַמט, בעת זי האָט די קאַרטען געוואָרפען, אַריינגעטהאָן אין דעם אַזוי, דאָס זי האָט אַפילו ניט בעמערקט, ווי איהר סערע — אַזוי האָט מייביל דאַן געהייסען — איז אין דאָס האַלב־פינסטערען צימער אַריין. די איבריגע קינדער האָבען צוויי געשלאָפען אויף דער זאָפע, צוויי אויף דער פּאָדלאָגע, אַ פיער־יאָהריג אינגעלע אויף צונויפגעשטעלטע שטולען און דאָס קלענסטע, אַ מיידעלע, מיט'ן טאַטען אין'ם בעט. סערע אַליין פלעגט שלאָפען אין דעם פראָנט־צימער, וואו עס איז אויך געשטאַנען דעם קוואַרטיראַנט'ס בעט. זיי אַלע צוזאַמען האָבען פערוואוינט דריי צימערן, פיר וועלכע מען האָט געצאָהלט עלף דאָלאַר אַ מאָנאַט. נור דאָס ווענינ געלד איז סערע'ס טאַטען אויך שווער געוועזען צו צאָהלען, ווייל ער,

א לאנגזאמער פרעסער ביי קינדער־הייזקעס, האט אין די בעסטע צייטען ניט פערדיענט מעהר ווי זיעבען דאלאר א וואך. האט מען געמוזט האלטען א קווארטיראנט און סערע האט געמוזט מיט איהר קעסטעלע פעדלען, אום צו קענען דורכקומען מיט דער הוצאה. טאטע מאמע האבען זיך שטענדיג ארומגעקריגט. ער האט איהר נאכאנאנד אויפגעווארפען, אז זי איז צו פריינדליך מיט דעם קווארטיראנט און זי האט זיך תמיד מיט איהם גערייצט: „אט דוקא, דוקא, אט ווער צופלאצט!“ אדער אמאל, ווען ער האט עס איהר אויפגעווארפען, איז זי פלוצים אויסער זיך געווארען און האט זיך א ווארף געטהאן אויף איהם: „איך׳ל דיר דעם קאפ צושפאלטען, אנשיקעניש מיינער, ווען דו ווערסט נאך אמאל זאגען!“ ער האט עס איהר אבער געזאגט ווידער און ווידער, יעדעסמאל, ווען ער האט איהר בליק אויף׳ן קווארטיראנט געכאפט, יעדעסמאל, ווען ער האט געהערט, ווי וויך זי רעדט צו יענעם. דער אונגליקליכער סערע׳ס טאטע, אן אויסגעמוטשעטער איד, נאך גאר א יונגערמאן, מיט א פער׳צרה׳טען, פער׳חושכ׳טען פנים, רויטליכע אויגען, אנגעברענטע הענד און איינגעבויגטען רוקען און אקסלען פון פרעסען מיט דעם הייסען אייזען טאג איין, טאג אויס, וואך איין, וואך אויס, גאנצע קיילעכדיגע יאהרען נאכאנאנד, — ער האט קיין רוה זיך ניט געקענט געפינען אין׳ם הויז . . .

די שמוציגסטע ווערטער און קללות זיינען נאכאנאנדער געפאלען אין הויז, ווי שטיקער קלעביגער בלאטע, דא פון דער מאמע׳ן און דא פון דעם טאטען. און אמאל, אין די הייסע, שטיקענדיגע זומער נעכט, ווען אין׳ם טענעמענט־הויז איז ניט מעגליך געוועזן צו אטהעמען, איז דער קווארטיראנט ארומגעגאנגען איבער׳ן שטוב אין זיינע אונטערוועש. דאן האט דער טאטע אויפגעהויבען א גוואלד: דא איז אן אנשטענדיגע הויז, און אפט זיך א כאפ געטהאן צום קווארטיראנט שלאגען. די מאמע האט זיך דאן אנגענומען פיר דעם קווארטיראנט, האט דער טאטע זי אנגערופען מיט די שמוציגסטע נעמען. איין קווארטיראנט אוועק, איז א צווייטער אריינגעצויגען און עס איז ווייטער געוועזן די אייגענע געשיכטע. און האט נאך אמאל דער קווארטיראנט די מאמע׳ן ארויסגענומען אין טהעאטער, איז דער טאטע שיעור אין גאנצען ניט משוגע געווארען און ער האט דאן אויסגעפרעגט די קינדער, צי דער קווארטיראנט קומט ניט אמאל בייטאג אהיים, בעת ער, דער טאטע, איז אין׳ם שאפ, און פאר סערע׳ן, ווי פאר דאס עלטסטע קינד, האט ער דאן זיין גאנץ פערביטערט הארץ אויסגעגאסען, ניט היטענדיג זיך מיט קיין ווערטער און אנצוהערעניש׳ען . . .

און ביינאכט, ווען סערע איז געקומען אהיים פון׳ם פעדלען און האט געטראפען די מאמע׳ן שפיעלענדיג אין קארטען מיט׳ן קווארטיראנט, האט זי פון דעם צווייטען צימער אויך געהערט דעם טאטענ׳ס לאנגע זיפצען. זי, דאס אכט־יאהריגע קינד, האט שוין דאן פערשטאנען, פארוואס ער זיפצט דארט. . .

זי האט אלע מאל אפגעגעבען דער מאמע׳ן די געלייזטע פענים. און אמאל, ווען עמיצער האט פאר רחמנות איהר צוגעווארפען אנשטאדט א פעני א פינף־סענט־שטיק, איז די קליינע סערע געקומען אהיים מיט צוברענטע אויגלאך און צופלאמטע בעקלאך פאר שמחה.

ווען זי איז אלט געווארען צוועלף יאהר, זיינען די סקאנדאלען אין דער־היים נאך געוועזן גרעסער. דער טאטע איז נאך ווילדער געוועזן און די מאמע האט איהם נאך מורא׳דיגער געשאלטען. פון קיין שבת און יום־טוב האט מען אין׳ם שטוב ניט געוואוסט, פון קיין אנדער פרייד, פון קיין אנדער פערגעניגען, פון קיין אנדער רוה . . . זונטאג האט דער טאטע ניט געארבייט, איז אבער דער קווארטיראנט אויך א גאנצען טאג אין׳ם שטוב געוועזן, איז דער טאג געוועזן דער שרעקליכסטער פון דער גאנצער וואך פיר אלעמען אין׳ם הויז. נור דריי טעג אין׳ם יאהר האט דער טאטע זיך ריכטיג אויסגערוהט: די צוויי טעג פון׳ם ראש השנה און דעם טאג פון׳ם יום כפור. דאן האט דער טאטע, וועלכער איז ניט פרום געוועזן און איז אין שוהל ניט געגאנגען, זיך אויסגערוהט פיר דעם גאנצען יאהר, האט רוהיג געקענט שלאפען, ווייל דער קווארטיראנט איז אין שוהל געוועזן...

סערע׳ס יונג הערצעלע, וואס האט זיך גענויטיגט אין עפעס א פערגעניגען, אין עפעס א יום טוב׳דיגער שטימונג, האט, ניט געפינענדיג עס *אין דער־היים*, געזוכט עס אין דרויסען . . . צו יענער צייט האט זי אפטער געכאפט א פינף־סענט־שטיק אין די קאפע־הייזער. ווייל גאר אפט האט איינער פון די דארטיגע געסט, ס׳רוב ניט קיין יונגערמאן, ס׳רוב א בכבוד׳ער אלטינקער, ווען זי איז פאר איהם געשטאנען מיט׳ן שאקאלאד אויסגעשטרעקט, א געוויקסיגע, שוין מיט א דייטליך־געפארמטער ברוסט הינטער דעם קינדערשען קליידעל און מיט שווארצע, גרויסע אויגען, האט ער זי אנגענומען מיט א קאלטער האנד ביי די ווארימע מארדעטשקע, האט געשטעלט איהר פראגען סתם אין דער וועלט אריין, און מיט פייכטע אויגען, אין וועלכע א שמוציגער געדאנק האט זיך געצאפעלט, ווי א חזיר אין בלאטע, האט ער זי בעשמוצט. פון אזוינע האט זי תמיד פינף סענטיגע בעקומען . . . אט די דאזיגע פינף סענטיגע האט זי שוין איצט אין גאנצען דער מאמע׳ן ניט אפגעגעבען. אלע מאל האט זי פיר זיך ארונטערגענומען א צעהן, א פופ־

צעהן סענט, און מיט דעם געלד איז זי איצט צו די מואווינג פּיקטשורס געגאַנגען, האָט אייז־קרים און אנדערע נאַשערייען זיך געקויפט, מכבד געווען אַנדערע מיידלאך פון איהר עלטער, וואָס האָבען שמוציגע רייד צווישען זיך גערעדט, און „באַיעס“ פון איהר עלטער, וואָס האָבען עקעלדיגע ווערטער אויף די ווענד געשריבען . . . מיט זיי האָט זי זיך דאָס איצט ארומגעטריבען, צווישען זיי האָט איהר קינדערש הארץ זיין פערגעניגען געשעפּט, די שבת און יום טוב שטימונג, די ריינע קינדערשע פּאָעזיע פון אנדערע אידישע קינדער מיט אַ נאָרמאַלער ערציהונג אויסגעפּילט. אין דער דאָזיגער קראנקער אטמאספערא האָט זי זיך ערצויגען . . . ווען זי האָט געענדיגט „פּאָבליק סקוהל“, איז זי שוין געווען 14 יאָהר אַלט און האָט אויסגעזעהן ווי אַ יאָהר 17, אַ פּאָלקאָם פיזיש ענטוויקעלטע מיידעל. זי איז דאַן אָנגעקומען אין אַ שאַפּ אַלס פּאַקערין און האָט שוין באַלד די ערשטע וואָך איהר פּלאַץ פערלאָרען, מחמת איהרע שמוציגע רייד. דאַן איז זי אָנגעקומען אַלס פערקויפערין אין א גרויסען געשעפט, וואו מען האָט פינף סענטיגע ארטיקלען פערקויפט. דאָ איז זי אָפּגעשטאַנען אַ יאָהר און דערנאָך איהם אַליין פערלאָזען, ווייל די פינף דאָלאַר אַ וואָך, וואָס זי האָט דאָרט בעקומען, פון וועלכע זי האָט דריי איהר מאַמען געמוזט אָפּגעבען, איז איהר ניט גענוג געווען אויף די קליידער און היט, וואָס זי האָט איצט געוואָלט טראָגען, און אויף דער טאַנץ־אקאדעמיע, וואוהין זי איז איצט צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך געגאַנגען. דערצו נאָך האָט זי איצט גע׳חלום׳ט פון א גאָלדענעם בראַסלעט, פון א זייגער׳ל און פון אַנדערע דזשולערי און האָט שטאַרק מקנא געווען די אַנדערע מיידלאך, וואָס האָבען דאָס אלסדינג געהאַט.

דערנאָך האָט זי אַנדערע פּלעצער געפונען, אָבער מעהר ווי זעקס דאָלאַר אַ וואָך האָט זי ניט פערדיענט. און אין דער־היים האָבען טאַטע־מאַמע ביי איהר געפאָדערט, זי זאָל מעהר געלד, ווי די דריי דאָלאַר געבען און זי האָט זיי אָנגעהייבען צו געבען גאָר צוויי דאָלאַר, האָבען זיך דאָרט מעשים געטהאָן: די מאַמע האָט זי געשאָלטען, דער טאַטע האָט זי געפּאַטשט. זי האָט צוריק געשאָלטען און בעת דער טאַטע האָט זי געפּאַטשט, האָט זי געכאַפּט די גלעזער און די אַנדערע געשיר פון׳ם טיש און זיי אָן ד׳ערד געוואָרפען . . .

זי האָט דאָס הויז אָנגעהויבען צו האַסען, איהר טאַטע־מאַמען און פערבראַכט אָפּטער אין דער טאַנץ־אקאדעמיע, ביי די מואווינג־פּיקטשורס און אין די בורלעסק־טהעאַטערס.

און אומעדום האָבען אויגען פון יונגע־לייט זי געבריהט, און אין דער טאַנץ אקאדעמיע האָבען אַלע יונגע־לייט מיט איהר טאַנצען געזוכט, מיט נאַשערייען זי מכבד געווען און אין טהעאַטערס און אויף בעלער זי געלאַדען. זי אָבער האָט זיך אָפּגעהיט. דעם ריכטיגען מאַן, וואָס זאָל זי בערוישען, האָט זי נאָך ניט געטראָפען.

דאַן איז ער געקומען. זי איז דאַן אַלט געווען 17 יאָהר, אַ שעהנהייט צום משוגע מאַכען. ער איז געווען אַן איטאַליענער מיט שוואַרצע פייערדיגע אויגען און שוואַרצע געקרויזטע האָאַר. אַ הויכער און א שלאַנקער, אַ פראַנט מיט אַ בלוט־רויטער בלום אין לאַץ און לאַקירטע, געלע שיך. מיט בעללאַ׳ן, אַ מיידעל, מיט וועלכער סערע האָט זיך נאָהענט בעפריינדעט אין דער טאַנץ־אקאַדעמיע, איז ער געקומען. געווען אַ שעהנער טענצער. סערע׳ן האָט ער גלייך גענומען מיט זיינע פייערדיגע אויגען, ווי מיט זיין טאַנצען. מיט איהם איז זי שוין אַמאָל ארויסגעגאַנגען אין טהעאַטער, אימער אין דער בעגלייטונג פון בעללאַ׳ן, און האָט הנאה געהאַט, ווען ער פלעגט זי צודריקען צו זיך, און האָט ציניש געלאַכט, ווען ער האָט אַ שמוציגען וויץ געזאָגט.

ביז איינמאָל איז זי מיט איהם און בעללאַ׳ן אין א בורלעסק־טהעאַטער אויף בראָדוויי סטריט אַוועק. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער זיי ביידען איינגעלאַדען אין אַ האָטעל, סאַפּער צו עסען. אין׳ם האָטעל האָבען שוין געוואַרט דריי פון זיינע און בעללאַ׳ס פריינד, אַ צווייטער איטאַליענער, אַ איד און א אירלענדער. דעם אבענד האָט סערע צום ערשטען מאָל אויף איהר לעבען שאַמפּאַניער געטרונקען, פיעל שאַמפּאַניער, ווי אויף אַ גרויסאַרטיגע חתונה... און ווען בעללא האָט זיך געזעצט אויף די קניע צו איינעם פון די „פריינד“, די אַרמס ארום זיין האַלז, און געזאָגט: „טראָג מיך“, האָט סערע, פער׳שיכור׳ט, צו איהר איטאַליענער זיך אויך אויף די קניע געזעצט און אויך געזאָגט: „טראָג מיך!“ . . .

און ווען זי איז שפּעטער צו זיך געקומען, האָט זי נעבען זיך דערזעהן אַנאַנדערן, ניט איהר איטאַליענער. זי האָט ניט געוויינט, נור האָט איהם אָפּגעשטופּט פון זיך, האָט ער איהר אָבער געוויעזען, אַז ער איז שטאַרקער פון איהר . . .

קיין גרויסע חרטה האָט זי אויף דעם ניט געהאַט, אַזוי ווי זי וואָלט אויף דעם שוין לאַנג געהאַט געוואַרט, אַזוי ווי זי וואָלט אויף דעם געהאָפט.

אויף מאָרגען האָט שוין דער איטאַליענער זי אָפּגעהיט, ווען זי איז פון דער ארבייט געגאַנגען, און איהר א בריליאַנטענעם רינגעלע געשענקט. און אין דעם אייגענעם אבענד האָט זי מיט איהם אין זיין צימער אויף דער אַכטער

סטריט פערבראכט, ווידער זיך בערוישט אין אזוי א וואך נאכאנאנד, ביז זי האט איינגע־ווילינט צו אנדערע זיך אויך אפצוגעבען. און איינמאל אזייגער איינס נאך האלבע נאכט, ווען זי איז אהיים געגאנגען, איז זי געווען שיכור'־לאך און אין דער קעשענע האט זי ביי זיך גע־האט א פופצעהן דאלאר, וואס זי האט די נאכט „פערדיענט".

אינ'ם שטוב האט געליארמט, ווען זי איז אריינגעקומען. טאטע־מאמע האבען זיך גע־קריעגט. די קלענערע קינדער האבען געוויינט. זיי האבען זי דערזעהן, זיינען זיי מיט אמאל אלע אנשוויגען געווארען. עפעס האט זי זיי אויסגעזעהן אונגעוועהנליך. דער טאטע איז צו איהר צוגעגאנגען: „וואו שליאעסטו זיך ארום אזוי שפעט ביינאכט?" — איז אפגע־שפרונגען מיט שרעק: „גוואלד, זי איז שיכור!" די מאמע האט פערבראכען די הענד: „וואו ביזטו געווען?" זי האט געענטפערט שיכור: „ניט אייערע ביזנעס!" דער טאטע האט א כאפ געטהאן איהר געלד־טאש, געפונען דארט דאס געלד און דאס בריליאנטען רינגעלע, איז בלייך געווארען, האט עס אויסגעשטעלט צו זיין פרוי, די אויגען ווייט און מיט שרעק אויסגעגלאצט, דאס מויל ווייט געעפענט, און קיין ווארט ניט געקענט ארויסברייננען. די מאמע איז פערסאפעט צו איהר צוגעלאפען, האט געטרויסעלט זי ביי די אקסלען און גע־שעפצעט פערצווייפעלט: „וואו האסטו עס גענומען, וואו? . . . קוק מיר גלייך אין די אויגען אריין און זאג!"

סערע האט געהאלטען די אויגען ארונ־טערגעלאזט און עפעס געמורמעלט אונטער דער נאז.

— „זאג, רוצח'טע, זאג! ווער האט דיך איינגע'שיכור'ט? וואו האסטו דאס געלד גע־נומען, דאס רינגעל? זאג, איך'ל דיר דעם טויט מאכען!"

און זי האט זי א כאפ געטהאן ביי די האאר.

סערע האט זיך א ריס געטהאן פון איהר:

— „נו, יעט, יעס! דו מעגסט מיט די בארדערס, הע? . . ."

סערע'ס מאמע האט זיך דאן גענומען פער־צווייפעלט שלאגען מיט ביידע הענד אין'ם קאפ און שרייען:

— דאס איז א ליגען, א ליגען! דיין טאטע, דער משוגענער, זאגט עס נור! אבער גאט ווייס דעם אמת! גאטעניו, גאטעניו — האט זי גענומען לויפען איבער'ן שטוב און פאטשען פערצווייפעלט אין די הענד: — דו ווייסט דאך אוודאי דעם אמת; דו ווייסט דאך, אז איך בין אן עהרליכע פרוי צו מיין מאן, און עהרליכע מאמע צו מיינע קינדער, היינט פארוואס שטראפסטו מיך אזוי שווער? פארוואס? ! פארוואס! איך'ל דאך משוגע ווערען, איך'ל דאך פון'ם זינען אראב! אי, מיין טאכטער! א מיין סערעלע! . . .

און מיט א פערצווייפעלטען יאמער איז זי אריינגעלאפען אין דאס צווייטע צימער.

דאן האט זיך דער טאטע א כאפ געטהאן און, אזוי ווי ער האט געהאלטען דאס געלד מיט'ן רינגעלע אין דער האנד, איז ער צוגעלאפען צו דעם ברענענדיגען אויווען, האט ארונטער־געכאפט אן אנגעברענטע דעקעל מיט די הייליע פינגער, ניט פיהלענדיג אפילו דעם ברען, און אין דאס רויטע פייער מיט א ווילדען קרעכץ עס אריינגעווארפען. דערנאך איז ער צוגעלאפען צו איהר, אנגעכאפט זי ביי די אקסלען, געמורמעלט: „ארויס, ארויס, דו וועסט מיר די אנדערע קינדער קוילען! ארויס, דיין פוס זאל ביי מיר אין'ם שטוב ניט זיין!"

— אלל רייט! אלל רייט! — האט זי געשריען אויף ענגליש מיט א צו'להכעיס־קול און שיכור'לאך — אלל רייט! אי העיט יו! אי העיט יו אלל! — איך האס אייך! איך האס אייך אלעמען! אלל ר־ריי־ייט! . . .

האט א ציה געטהאן אויף'ן שעהנעם קאפ די הוט און איז אוועק.

דער טאטע האט זיך געווארפען אויף א שטוהל, פערדוקט ביידע הענד אונטער'ן בוזים, געקלאפט זיך פערצווייפעלט אין'ם הארצען און געקרעכצט, אזוי ווי ער וואלט א וואונד געריסען . . .

זי איז צוריק אוועק צו איהר איטאליענער. ער האט נאך ניט געשלאפען, איז געזעסען מיט חברה, בעני אויף צווישען זיי, און האט גע־שפיעלט אין קארטען. זי האט אלסדינג דער־צעהלט דעם איטאליענער, ער איז געווען דער־פון צופריעדען און האט זי א קוש געטהאן. בעני האט אויף איהר אויסגעשטעלט זיינע דורכדרינ־גענדיגע אויגען פערוואונדערט. דאן האט ער אפגערופען דעם איטאליענער אן א זייט און זיך גענומען מיט איהם סוד'ען. יענער האט געשא־קעלט מיט'ן קאפ.

זי איז געבליבען ביי דעם איטאליענער. ער האט צו איהר מענער געבראכט און זי האט זיך פערקויפט. אויף דער צווייטער וואך אבער האט ער אנגעפאנגען צוצונעהמען פיר זיך דאס גאנצע געלד, זי האט עס ניט געוואלט ליידען, האט ער זי געשלאגען. זי איז אבער ניט געווען פון יענע אונגליקליכע, וואס לאזען זיך טרעטען פון זייערע אלפאנסען; זי האט גערעכענט, אז דאס איז איהר „פערדיענסט", וואס קיינער האט קיין רעכט ניט אויף דעם, אויסער זי אליין, און געטראכט, ווי צו בעפרייען זיך פון איהם.

און איינמאָל, ווען בעני איז דאָרט געזעסען און האָט קאַרטען געשפּיעלט, האָט זי איהם איינגערוימט: „נעהם מיך אַוועק פון דאַנען“. און אין צוויי וואָכען שפּעטער איז זי שוין ביי מיסעס גוטמאַן אין׳ם הויז געוועזן. בעני האָט זי אַליין ניט געטאָרט אַוועקנעהמען: דאָס וואָלט געוועזן געגען דער מאָראַל פון די „קאַדעטען“; פון די אַלפאָנסען. זי איז אַליין אנטלאָפען, נאַטירליך, מיט בעני׳ס הילף, אָבער דער איטאַליענער האָט דערפון ניט געוואוסט, האָט אַ לאַנגע צייט אין גאַנצען ניט געוואוסט, וואו זי איז אַהינגעקומען. (פאָרטזעצונג קומט).

הלל ראָגאָף

די צוויי גרויסע אינטערניישאַנאַל קאנווענשאַנס

די צוויי גרויסע אידישע יוניאָנס זיינען איצטער אין אויפשטאַנד געגען זייערע אינטערנאַציאָנאַלע פערבאַנדען. די קלאָוקמאַכער גרייטען זיך אומצואוואַרפען די אַלטע אַדמיניסטריישאָן פון דער אינטערנייישאָנאַל ליידיעס גאַרמענט וואָירקערס און די שניידער זוכען די מעגליכקייט צו בעקעמפּפען דעם רעאַקציאָנערען גייסט פון די פיהרער פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס. די קאַמפּפען דאַרפען פאָרקומען ביי די קאָנווענשאָנס פון די צוויי פערבאַנדען. די אינטערניישאָנאַל ליידיעס גאַרמענט וואָירקערס פאַנגט אָן איהר קאָנווענשאָן די טעג; דער פערבאַנד פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס וועט זיין קאָנווענשאָן אָבהאַלטען אין איינינגע מאָנאַטען ארום.

די שניידער האָבען מיט זייער אינטערניישאָנאַל קיינמאָל גוט ניט געלעבט. די געשיכטע פון דער שניידער יוניאָן ביז דעם גרויסען דזשענעראַל סטרייק איז בעשטאַנען פון אַ לאַנגער רייה פון נידערלאַגען און ענטטוישונגען. און די שניידער האָבען אימער געפיהלט, אז פעראַנטוואָרטליך דאַפיר זיינען כמעט אַלע מאָל געוועזן די פיהרער פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס. „מיר זיינען ביי דער אינטערניישאָנאַל אימער געוועזן שטיעפקינדער“ — איז דער געשריי פון די פאָרטרעטער פון די שניידער — „און אַלע אונזערע צרות האָבען זיך גענומען דערפון“.

אין גרויסע אינדוסטריען, אין גרויסע אָרגאַניזאַציאָנען, איז שווער אָנצואווייזען אויף איין איינציגע אורזאַכע פון אַ געוויסען איבעל. מען קען אימער אויסגעפינען פערשיעדענע אורזאַכען. דער פאַקט איז אָבער, אז אין דער אַרבייט פון אויפבויען די איצטיגע גרויסע שניידער אָרגאַניזאַציאָן האָט די אינטערניישאָנאַל געשפּיעלט די צווייטע פּיעדעל; און אויך דאָס האָט זי געטהאָן איבער געוואַלד. מען האָט איהר איינפאַך געמוזט צווינגען צו העלפען שאַפען אַ שניידער יוניאָן.

וואָס האָט געבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד? דאָס, וואָס פיעלע פון די עלטסטע און פּראָמינענטסטע טהוער אין דער שניידער אָרגאַניזאַציאָן ערקלערען, איז זעהר אַן ערנסטע בעשולדיגונג געגען די בעאַמטע פון דער אינטערניישאָנאַל. זיי בעהויפּטען, אז דיעזע בעאַמטע האָבען מורא געהאַט פאַר די שניידער. די פיהרער האָבען געוואוסט, אז אויב די שניידער וועלען ווערען אַ מאַכט אין דער אינטערניישאָנאַל, דאַן איז אַ סוף צו זייער הערשאַפט. די פיהרער האָבען געוואוסט, אז דער גייסט צווישען די שניידער איז אַ ראַדיקאַלער און אַ פּראָגרעסיווער און אַז זיי וועלען ניט דולדען אַ פיהרערשאַפט פון דעם אַלטען פערשימעלטען גאָמפּערסיסטישען שניט. און אום צו זיין זיכער מיט זייערע שטעלען האָבען דיזע בעאַמטע גוט בעפעסטיגט די לאָקאַלס פון די מעקעניקס קלאָדהינג און זיי האָבען זיך רוהיג צוגעקוקט ווי די שניידער מוטשען זיך און זייער לאַגע ווערט אַלץ ערגער פון יאָהר צו יאָהר.

פיעלייכט איז דיזע בעשולדיגונג אביסעל איבערטריבען. די מילדערע קריטיקער פון דער אינטערניישאָנאַל בעשולדיגען די פיהרער ניט אין אונעהרליכקייט, נור אין איינפאַכער פוילקייט אָדער אונפעהיגקייט, און זיי צייגען אָן דאַרויף, דאָס די מעקעניק קלאָדהינג, וועלכע די אינטערניישאָנאַל האָט גוט אָרגאַניזירט און וועלכע איז אימער געוועזן דער פונדאַמענט פון דער אינטערניישאָנאַל, איז אַ לייבעל־אינדוסט

ריע. די וואַרע ווערט פערקויפט צו אַרבייטער, און נור צו אַרבייטער, און אַלע גרויסע יוניאָנס זעהען שוין, אַז דיזע אַרבייטער־קליידער זאָלען האָבען אַ יוניאָן־לייבעל. עס פאָדערט זיך דאַרום קיין שום מיה און קיין שום פעהיגקייט דיזע פעקטאָרים פון אָווערצאָלס און דזשאָמפּערס און ז. וו. צו אָרגאַניזירען. דער באָס קען פאַר זיין וואַרע קיין מאַרקעט ניט געפינען, סיידען ער געברויכט דעם לייבעל, און דאָס גיט דער יוניאָן די בעסטע וואַפע אין איהרע הענד.

יאָהרען לאַנג האָט די אינטערנײשאַנאַל געזוכט אריינצוברענגען דעם לייבעל אין די אַלגעמיינע מענער־קליידער פעקטאָרים, אָבער דאָרטען איז איהר ניט געגאַנגען. דער „גרינגער לעבען", וואָס זיי האָבען געהאַט אין די „מעקעניק קלאָדהינג"־פעקטאָרים, האָט ביי זיי צוגענומען די ענערגיע צו קעמפּפען, צו אָרגאַניזירען די שניידער. עפּעס האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבייט אַ געדאַנק, אַז דער לייבעל איז דער איינציגער מיטעל, דורך וועלכען מען קען צווינגען די שניידער באָסעס נאָכצוגעבען דער יוניאָן; און ווי באַלד דאָס האָט ניט געווירקט האָבען זיי דעם קאַמפּף אויפגעגעבען און די האָפנונג אויפגעגעבען.

אָבער, ווי געזאָגט, וואָס די אורזאַכע זאָל ניט זיין, די פאַקטען קען מען ניט אָפּלייקענען. און דער פאַקט איז, אַז די שניידער אום זיך צו אָרגאַניזירען האָבען געמוזט זוכען די הילפע פון פרעמדע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען. די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און די אידישע סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק זיינען געוועזען די ערשטע אין דער אַרבייט. דער שניידער קאָונסיל האָט געהאַט אַ שווערען דזשאַב צו בעאיינפלוסען די אינטערנײשאַנאַל, זי זאָל געבען געלד אויף אָן אָרגאַנייזער. און ווער ווייס, צי זי וואָלט זיך נאָך דאַן געלאָזט „פאַנגען אין נעץ", ווען זי וואָלט געוואוסט, אַז די אונטערנעהמונג וועט זיך ענדיגען מיט אַזאַ ריעזיגען ערפאָלג.

און אַ צווייטער פאַקט איז, דאָס די אינטערנײשאַנאַל בעאַמטע זיינען אַרבייטער־פיהרער פון גאָמפּערס'עס חדר. זיי זיינען קאָנסערוואַטיוו, נאָך אפשר מעהר קאָנסערוואַטיוו, ווי גאָמפּערס אליין, בעת די שניידער מאַסען זיינען פּראָגרעסיוו און ראַדיקאַל.

עס איז אַלזאָ גאַנץ נאַטירליך, אַז איצטער, ווען די שניידער פיהלען זיך בכוח, זאָלען זיי אַרויסטרעטען אין קאַמפּף געגען די פיהרערשאַפט פון דער אינטערנײשאַנאַל און זעהן אריינצונעהמען די אָרגאַניזאַציאָן אין זייערע אייגענע הענד. דער קאַמפּף האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דער פאָדערונג, אַז דער פּלאַץ פון דער קאָנווענשאָן זאָל געענדערט ווערען. נאָך דעם בעשלוס פון דער לעצטער קאָנווענשאָן, דאַרף דער הײ־יאָהריגער צוזאַמענפאָהר שטאַטפינדען אין נעשוויל, טענעסי. אהין קענען די שניידער זייער פולע צאָהל דעלעגאַטען ניט שיקען, עס איז צו ווייט, און פיעלע לאָקאַלס, איבערהויפּט פון דער קאַנטרי, זיינען צו אָרים. פאָדערען די שניידער, אַז די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער אינטערנײשאַנאַל זאָל ענטוועדער אויף איהר אייגענע פעראַנטוואָרטליכקייט אריבערפיהרען די קאָנווענשאָן נאָך ראָטשעסטער, ניו יאָרק, אָדער זי זאָל די פראַגע איבערגעבען צו אַ רעפערענדום־וואוט פון אַלע מעמבערס פון דער אינטערנײשאַנאַל. די קאָנסטיטושאָן פון דעם פערבאַנד מאַכט ביידע אופנים מעגליך. אין ראָטשעסטער וועלען די שניידער קענען זיין פערטראָטען אין זייער פולער צאָהל און זיי וועלען קענען טהאָן אַזוי פיעל ווי זייער צאָהל וועט זיי בערעכטיגען.

די אינטערנײשאַנאַל בעאַמטע פערשטעהען, וואָס דער „ראָטשעסטער"־געשריי בעטייט. און זיי בעמיהען זיך איהם צו דערשטיקען. פריהער האָבען זיי אין דער פאָדערונג געפונען אַ קאָנסטיטוציאָנעלען „פסול". און ווען דער „פסול" איז בעזייטיגט געוואָרען, האָבען זיי זיך אָן דער גאַנצער מעשה „פערגעסען". די עקזעקוטיוו קאָמיטע איז געוואָרען שטאַרק „ביזי". זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט אָבצוהאַלטען דעם רעגעלען מיטינג.

די שניידער לאָקאַלס וועלען וואַהרשיינליך זייער זאַך ענדליך דאָך דורכקעמפּפען. מיר ווייסען נאָך ניט גענוי, וואָס פאַר אַ גייסט עס הערשט אין די אַנדערע לאָקאַלס פון דער אינטערנײשאַנאַל, אין די לאָקאַלס פון די מעקעניק־קלאָדהינג־מייקערס. ביי דיזער טרייד זיינען בעשעפטיגט אַ סך פרויען און מיידלעך, און צווישען זיי זיינען זעהר וועניג אידישע. דערצו זיינען די צענטרס פון דיזער טרייד אין קליינע שטעדט און ווייט פון ניו יאָרק. דאָס זיינען שטאַרקע אורזאַכען צו מאַכען אונז גלויבען, אַז זיי זיינען זעהר קאָנסערוואַטיוו. דער פאַקט, אַז די אַלע בעאַמטע זיינען ביי זיי אַזוינע שטאַרקע יחסנים, איז אויך אַ בעווייז דאַרויף. אָבער מיר גלויבען, אַז די שניידער קענען אויף זיי אַ גרויסע ווירקונג האָבען. די צייטען זיינען איצטער גאַנץ אַנדערע. דער פּראָגרעסיווער גייסט כאַפּט זיך אריין אין די שטאַרקסטע פעסטונגען פון דעם קאָנסערוואַטיזמוס.

מיר מוזען די שניידער געבען קרעדיט פאַר די אַרט און וועיזע ווי אַזוי זיי פיהרען דיזען קאַמפּף. זיי טהוען עס סיסטעמאַטיש און אין פולען איינקלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציאָן און פיהרונגען פון זייער אָרגאַניזאַציאָן. ביי אַלע זייערע אָפיציעלע האַנדלונגען האָבען זיי ניט געטהאָן קיין זאַך, וואָס קען פיהרען צו אַן ערביטערונג, וואָס קען אויפוועקען אַן אינער־

ליכען ברודער־קאַמפף. די פאָדערונג, וואָס די שניידער שטעלען, איז קאָנסטיטוציאָנעל א גערעכטע, און די טענות, מיט וועלכע זיי אַגיטירען פאַר איהר, זיינען אויך פון דעם סאָרט, וואָס ריהרט ניט אָן קיינע פערזענליכקייטען. נאַטירליך, טיעף אין האַרצען ווייסען ביידע צדדים, צו וואָס מען ציעלט מיט׳ן קאַמפף. אָבער כל זמן דאָס קומט ניט ארויס, קען עס אויסגעקעמפפט ווערען אָהן שום געפאַהר פאַר דער שטאַרקייט און איינינקייט פון דער אָרגאַניזאַציאָן אין אַלגעמיין.

דיזען טאַקט האָבען די שניידער ארויסגעוויזען די גאַנצע צייט, זייט זיי האָבען גענומען אויפלעבען און אויפבליהען מיט צוויי־דריי יאָהר צוריק. זיי האָבען געוואוסט, ווי צו האַלטען זיך אין די ערשטע מאָנאַטען פון דער עקזיסטענץ פון שניידער קאָונסיל, און די גרטע האַלטונג האָט פיעל מיטגעווירקט, אז די אינטערניישאָנאַל זאָל דעם קאָונסיל ענדליך אַנערקענען. זיי האָבען נאָך בעסער געוואוסט, ווי צו האַלטען זיך אין די ערשטע קריטישע וואָכען פון דזשענעראַל סטרייק, ווען א גרויסער טייל פון דער מאַסע איז געווען אזוי שרעקליך אויפגערייצט געגען געוויסע האַנדלונגען פון די אינטערניישאָנאַל בעאַמטע. דיזע גוטע טאַקטישע האַלטונג האָט זיי געפיהרט צום זיעג. און מיר ווילען האָפען, אז דאָס וועט זיי פיהרען צו א זיעג אויך אין דעם איצטיגען קאַמפף.

* * *

די לאַגע אין דער אינטערניישאָנאַל פון די לײדיס גאַרמענט וואָירקערס איז נור אביסעל עהנליך צו דער לאַגע ביי די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס. דאָ איז דער קאַמפף אָן אָפענער געגען די צוויי הויפט־בעאַמטע פון דער פערבאַנד. די פראַגע איז דאָ ניט דער גייסט פון דער אינטערניישאָנאַל און ניט די אַרבייט פון דער אינטערניישאָנאַל, נור דער גייסט און די אַרבייט פון א פּאָאַר פערזאָנען. נאַטירליך, דיזע פערזאָנען זיינען די וויכטיגסטע אין דער אָרגאַניזאַציאָן, אָבער זיי זיינען ווייט ניט די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָן. פאַר די אַלע שלעכטע שריטע, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער לעצטער צייט, האַלט מען פעראַנטוואָרטליך דייטש און ראָזענבערג, און ניט די אינטערניישאָנאַל. ווען דער אָרגאַן פון דער אינטערניישאָנאַל האָט אַטאַקירט שטענדיג די סאָציאַליסטען, האָט מען געוואוסט, אז דאָס טהוט דייטש, אז דאָס איז זיין אַרבייט.

און אפילו דיזע צוויי פערזאָנען, געגען וועמען דער קאַמפף ווערט איצטער קאָנצענטרירט, ווערען אויך ניט בעשולדיגט אין דיזעלבע זאַכען, וואָס די בעאַמטע פון דער אינטערניישאָנאַל גאַרמענט וואָירקערס. אויף זיי פאַלט ניט קיין שאָטען פון חשד אין אונעהרליכקייט אָדער אונפעהיגקייט. ביידע, אי דייטש אי ראָזענבערג, זיינען מיט דער יוניאָן געוועזן אין איהרע ערגסטע און געפעהרליכסטע מאָמענטען. זיי זיינען געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון דער יוניאָן. און דערפאַר טאַקע, וואָס זיי זיינען אַלטע טהוער, האָט די גרויסע מאַסע אזוי פיעל יאָהרען געדולדעט זייערע חסרונות. מען האָט געדולדעט זייער גאָמפערסיסטישען גייסט, זייערע גאָמפערסיסטישע מעטאָדען. די גרעסטע צאָהל סאָציאַליסטען אין דער קלאָוקמייקער־יוניאָן און אין די אַנדערע יוניאָנס פון דער אינטערניישאָנאַל האָבען געוויס אין האַרצען פראָטעסטירט געגען די דומע אָנפאַלען אויף די סאָציאַליסטען, וואָס דייטש פלעגט מאַכען אין זיין זשורנאַל. עס איז זיי אויך געוויס געווען שרעקליך דערווידער ראָזענבערג׳ס טריישאַפט צום גאָמפערסיזם און זיינע בעמיהונגען צו פיהרען די אינטערניישאָנאַל נאָך די פרינציפען פון גאָמפערס׳עס קאָנסערוואַטיווען טרייד־יוניאָניזמוס. אָבער, נאָך אַלעמען, האָבען זיי אימער און ענערגיש געאַרבייט פאַר דער יוניאָן. ווען עס פלעגט אויסקומען צו טהאָן וויכטיגע פראַקטישע אַרבייט, זיינען זיי שטענדיג געווען אויפ׳ן פלאַץ. און דערפאַר האָט מען זיי אַלע פערברעכענס געגען דעם גייסט פון דער אָרגאַניזאַציאָן פערגעבען.

לײדער, האָבען זיי אָבער מיט זייער קאָנסערוואַטיזמוס איבערגעכאַפּט די מאָס אין דעם לעצטען סכסוך אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. די לעצטע טהאַט זייערע, פאַר וועלכע זיי ווערען איצט אזוי שטאַרק בעקעמפפט, איז געווען דער רעזולטאַט פון זייער איינגלויבעניש אין גאָמפערס׳עס טרייד־יוניאָניזמוס, זיי האָבען זיך דורכאויס אריינגענומען אין קאָפּ דעם געדאַנק, אז א יוניאָן איז ניט מעהר ווי א ביזנעס־אָרגאַניזאַציאָן, אז די הייליגסטע זאַך דאַרף זיין ביי איהר דער קאָנטראַקט, אז א פראָטאָקאָל איז תורת משה, וואָס מוז הייליג אָבגעהיט ווערען. זיי האָבען אין גאַנצען פערגעסען אָן די העכערע פרינציפען פון קלאַסען־קאַמפף, אָן די טיעפערע מאָטיווען, וואָס דאַרפען בעהערשען די נשמה פון דעם אמת׳ן אַרבייטער־פיהרער. ווען זיי וואָלטען ניט געווען פערזונקען אין דעם גאָמפערסיזמוס, וואָלטען זיי בשום אופן ניט צוגעלאָזט אפילו די מעגליכקייט זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון די אָרגאַניזירטע באָסעס געגען דעם ווילען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער.

ווי איהר זעהט, האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען דר. הורוויטש׳עס פערזאָן. עס מאַכט ניט אויס, צי דר. הורוויטש איז געווען גערעכט צי אונגערעכט. עס מאַכט אפילו ניט אויס, צי דער רעפערענדום־וואָוט, וואָס האָט דר. הורוויטש׳ען ערוועהלט, איז געווען דער רעזולטאַט פון א גרינדליכער איבערלייגונג, צי ניט. נעהמט אָן דעם ערגסטען פאַל. נעהמט אָן, אז

דר. הורוויטש איז געווען פאַר דער יוניאָן א געפאַהר, אז די גרויסע מאַסע האָט געהאַנדעלט ניט גוט, וואָס זי האָט איהם ערוועהלט. דאָס איז אָבער אַלץ נאָך ניט די מינדסטע ענטשול־דיגונג, פאַר וואָס די הויפּט־בעאַמטע פון דער אָרגאַניזאַציאָן זאָלען ארויסגעהן אפיציעל פאַר די באָסעס און אוועקנעהמען דערמיט יעדע מעגליכקייט ביי די אַרבייטער צו געווינען די עפענטליכע מיינונג אין פאַל א סטרייק זאָל אויסברעכען.

ביי דער קאָנווענשאָן, נאַטירליך, וועט די הורוויטש־פראַגע יע שפּיעלען א גרויסע ראָלע, ווען די וואַהלען פון בעאַמטע וועלען פאָרקומען. די פריינד פון הורוויטשען וועלען קעמפּפען געגען דייטש און ראָזענבערג'ען, אלס פיינד פון הורוויטשען. צווישען די געגנער פון הור־וויטשען וועלען פיעלע גענייגט זיין צו שטיצען דייטש און ראָזענבערג'ען מעהר אלס פּראָטעסט געגען הורוויטש'ען, ווי אלס א גוטהייסונג פון זייערע האַנדלונגען. דאַרפען דאַרף אָבער אזוי ניט זיין. דייטש און ראָזענבערג קענען גע־משפּט ווערען, אָבגעזעהן דערפון צי הורוויטש איז גערעכט געווען צי ניט. זיי קענען פער־דאַמט ווערען זאָגאַר פון הורוויטש'עס ערגסטע געגנער און קענען פערטיידיגט ווערען פון הורוויטש'עס פּערזענליכע פריינד. אַלעס דאַרף דאָ בלויז פונדאַדערגעגליעדערט און אַנאַליזירט ווערען אין דעם גייסט פון דעם מעהר ראַדי־קאַלען טרייד־יוניאָניזם.

* * *

דיביידע גרויסע אידישע יוניאָנס, די שניידער און די קלאָוקמאַכער, פיהרען א קאַמפּף פאַר מעהר ליכט, מעהר ראַדיקאַליזמוס, מעהר פּראָגרעס אין די גרויסע אַרבייטער־קערפּער־שאַפטען, מיט וועלכע זיי זיינען פעראייניגט און אין וועלכע זיי זיינען די הויפּט־מאַכט. דאָס איז געוויס א פרעהליכע ערשיינונג, וואָס מוז ערפרעהען די האַרץ פון יעדען פּראָגרעסי־ווען אַרבייטער און יעדען סאָציאַליסט. עס איז געווען א צייט, ווען עס האָט אויסגעוויזען, אז בלויז די שוואַכע אידישע יוניאָנס האַלטען זיך ביי דעם פּראָגרעסיווען פּראָגראַם, און אזוי שנעל ווי א אידישע יוניאָן ווערט מעכטיג, הויבט זי אָן צו געהן אין די טריט פון די אַלטע אַמעריקאַנער יוניאָנס. די קלאָוקמאַכער און שניידער בעווייזען איצט, אז דיזע מיינונג איז געווען בלויז אן אויבערפלעכליכע. אויב די אינטערנייציאָנאלס פון די צוויי יוניאָנס זיינען געווען קאָנסערוואַטיוו, איז דאָס געווען דער־פאַר, וואָס די לאָקאַלס האָבען עס גערולדעט צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען. איינגעשטימט מיט דיזער פּאָליסי האָבען די גרויסע מאַסען קיינמאָל ניט. איצטער, אז די צייט, אז די געלעגענהייט איז געקומען, בעווייזען זיי עס.

עלגין

גליק



האָבען בוימער גערוישט. ס'האָ־בען בלומען געטאַנצט אינ'ם פריהלינגס־ווינד. ס'איז דער גאָרטען געשוואומען אין הייַ־סען, צושמאָלצענעם גאָלד. ס'איז א רעגען פון בליטען געפאַלען אויף קעפּ, אויף גע־בויגענע נאַקענס.

זיינען זיי ביידע געזעסען אין ווינקעל, אין גרינעם ווינקעלע, פון דער וועלט בעהאַל־טען. האָבען ביהנען געזונגען א גליהענדיג ליעד. האָבען פליגעלעך געדרעהט זיך, געוויר־בעלט אויף בלאַט און אויף צווייג. און די ערד האָט א שווערען, געדיכטען אָטעם ארויסגע־הויכט פון אונטער יעדען שטרויך.

זיינען זיי געזעסען, געהאַלטען זיך ביי די הענד און גערעדט.

ער האָט געזאָגט:

— היינטיגע נאַכט האָט די לבנה אריינ־געשיינט אין אונזער פענסטער. דיין לייב איז געווען זילבער־ווייס. איך האָב געקוקט אויף דיר — און מיין האַרץ האָט געזונגען.

זי האָט געזאָגט:

— היינטיגע נאַכט בין איך ערגעץ גע־שוואומען, געשוואומען, מיט פערמאַכטע אויַ־גען, מיט פערלוירענע געפיהלען. נאָכדעם האָב

איך שוין ניט געוואוסט גאָרניט. ווען איך האָב אויפגעעפענט די אויגען, ביזטו געזעסען לעבען מיר, דיין האַנד אונטער מיין קאָפּ, און דיין פּנים האָט געשיינט.

ער האָט געזאָגט:

— יאָ, קינד. אין מיר און אַרום מיר שיינט די פרייד. אין מיר און אין גאָט'ס וועלט שרייט דאָס גליק. הימעל און ערד שרייען אין העלער לוסט: „לעבען זאָל די לוסט!"

זי האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ, געגלעט איהם מיט איהרע שטראַהלענדע אויגען, גע־זאָגט שטיל און בעשטימט:

— און די ליעבע...

ער האָט א טרויסעל געטהאָן דאָס בוימעל איבער זייערע קעפּ, און א שמעקענדער טהוי־רעגען האָט אַראָבגעשפּריצט אויף איהרע הענד.

ער האָט געזאָגט:

— ליעבע אין לוסט! לוסט אין ליעבע! אַלעס אינאיינעם. ליעבע און לוסט — דער טהוי פון'ם לעבען. פאַלט דער טהוי אין דיין בעכער — טרינק איהם, בלום! טראַכט ניט, בלום! דיין טאָג איז קורץ. פרעג ניט, וואָס ברענגט אונז דער מאָרגען...

זי האָט געפרעגט נאָך שטילער:

— און די אייביגקייט?

ער האָט געענטפערט — און זיין קול איז געווען ווי א ציטערדיגער מעטאַלענער קלונג:

— די אייביגקייט — אין איין בליק דיי־נעם, אין איין גלעט פון דיין האַנד, אין איין זיפּץ פון גליק.

זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ — אין א קנייטש פון שמערץ האָט זיך געלעגט צווישען איהרע ברעמען.

די ביהנען האָבען גערוישט...

2.

ס'זיינען בוימער געשטאַנען הויך און שטיל. ס'זיינען שאָטענס געקראָכען, ווי שלענג, און געוויקעלט זיך נאָהענט און ווייט. ס'האָ־בען גראָזען געהאָרכט און געלויערט. ס'האָבען בלומען פערטראַכטע געוואַרט אויף א נס. און די זון איז געלעגען ביים ראַנד פון דער ערד און צו אַלצדינג געשיקט איהר טרויעריגען, פּורפּורנעם רחמנות: זייט געזונד! זייט גע־זונד!

זיי זיינען ביידע געזעסען ביים טייך. דער ברייטער טייך האָט געאיילט אין דער שטיל, געיאָגט א וועל נאָך א וועל. דער ברײ־טער טייך האָט געטראָגען צובראָכענע שאָטענס, צופליקטע בלומען, פערוועלקטע זכרונות פון בליהונג. געטראָגען, געטריבען, געיאָגט אָהן א רעש, אָבער שטענדיג, שטענדיג, שטענדיג. ניט גערוהט, ניט געוואַרט.

ער האָט געזאָגט:

— דריי יאָהר זינט איך האָב דאָס ערשטע מאָל דיך צוגעדריקט צו מיין ברוסט. ווי פיעל טעג האָט דאָס גליק בעשטראַהלט אונזער נעסט. ווי פיעל נעכט האָט די לוסט אונזערע לייבער אין פלאַמען געפּייניגט. און איך האָב ביז אהער גאָר ניט געוואוסט, ווי ליעב איך האָב דיך.

זי האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ, און פערשלאָסען איז געווען דער בליק פון איהר אויג.

איך בין אזוי מיעד.

ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דיך ליעב, ווי איך האָב קיי־נעם ניט ליעב געהאַט אין דער וועלט. איך האָב ליעב יעדע האָר אויף דיין קאָפּ, יעדען טראָפּען ליכט אויף דיין ליעבען פּנים, יעדעס שטיינדעלע, וואָס דו טרעטסט מיט דיין פוס. איך האָב דיך ליעב אין גאַנצען איך האָב דיך אריינגענומען אין מיין האַרץ און דו וועסט בלייבען אין איהם ביז'ן סוף פון מיינע טעג.

זי האָט געשוויגען, געגלעט זיין שטערן מיט איהר ווייכער האַנד און אַרויסגעזיפצט שטיל:

— אַלצדינג פערגעהט. שטיל איז אין הארצען ביי מיר. טריב איז אין הארצען ביי מיר. עס זינגט ניט. עס ציהט ניט... וואָס זאָל איך דיר זאָגען? רוהען וויל איך.

ער האָט געזאָגט:

— דיין נשמה האָב איך ליעב. דיין נשמה האָט זיך פערפלאָכטען, פערוועבט מיט מיין הארצען. רייס איך זי אָפּ פון דיר — רייס איך זיך אָפּ פון מיין לעבען. וואָרום מיין לעבען ביזט דו. געווען א צייט, ווען איך האָב פרייד געזוכט, לוסט געדורשט; געווען א צייט, ווען מיין לייב האָט אין גלוטען געברענט. איצט רעדט מיין נשמה, מיין הארץ שרייט אין טויטליכער אנגסט: איך קען ניט לעבען אָהן דיר!

זי האָט געזאָגט:

— איך געה, מיין פריינד. פערגעס מיך, פריינד. ניטאָ קיין קראַפט אין מיר. רוהען וויל איך. לעבען שטיל, אָהן שמערצען, אָהן זאָרג. נעהמען קליינע פריידען, ווען ס'ברענגט מיר דער טאָג. רייסען בלומען פון לוסט, ווען זיי קומען צו דער האַנד. האָסטו אליין מיך דען ניט געלערנט צו לעבען אזוי? איך וויל שוין ניט ליידען, ניט לעכצען. גענוג. רוהען וויל איך. לעבען טאָג איין, טאָג אויס.

ער האָט געפרעגט:

— און די ליעבע?

זי האָט געענטפערט:

— ליעבע מאַכט מיעד. ליעבע פערלאַנגט אזוי פיעל. איך וויל שוין ניט ברענגען קרבנות. כ'וויל נעהמען, וואָס ס'ברענגט מיר דער טאָג.

— און די אייביגקייט?

זי האָט א ווײלע געשוויגען. אין איהרע אויגען האָט געפונקעלט א טרעהר.

— פריינד! ליעבער! איך ווייס ניט, וואָס אייביגקייט איז. איז דען דאָ אייביגקייט?

זיי זיינען געזעסען ביים ברעג פון׳ם טייך און געוויינט. דער טייך האָט האסטיג גע־שטויסען זיין וואַסער. די זון האָט פערמאַכט איהר פלאַמענדיג אויג. און א מיעדקייט האָט געשפרייט זיך איבער וואַסער און פעלד.

צוויי מענשען זיינען געזעסען און געוויינט אויף דעם קבר פון זייער גליק.

3.

ס׳זיינען יאָהרען פערגאַנגען.

זיי זיינען ווידער ביידע געזעסען צוזאַמען אין דער שטיל. זיי האָבען זיך בעגעגענט נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, און א שימער פון אמאָ־ליגער פרייד האָט א לייכט געטהאָן פון זייערע אויגען.

ער האָט געגלעט איהרע קנייטשיגע הענד, געקושט די פערוועלקטע פינגער און גערעדט:

— שווער איז געווען מיין וועג אָהן דיר. טויט בין איך געווען — א מענש אָהן א נשמה. כ׳האָב נעבעגטהאָן אַלצדינג, וואָס ס׳טהוען לעבעדיגע מענשען. אָבער איך האָב ניט גע־וואוסט, צוליעב וואָס. ניין, ליעבסטע, כ׳האָב געוואוסט. כ׳האָב געלעבט, כדי צו טראַכטען פון דיר. כ׳האָב אין הארצען פערשלאָסען דעם זיסען שמערץ — און דאָס איז מיין רייכטהום געווען. כ׳בין געווען רייך, ווייל דו האָסט גע־לעבט אין מיר.

זי האָט געשוויגען.

ס׳איז נאַכט געווען. איבער די קעפּ האָ־בען צווייגען געפּלאַכטען א טרויעריג ליעד. איינצעלנע טויטע בלעטער זיינען געפאַלען מיט א טרוקענעם שאָרך. שטיל און פינסטער איז דער גאָרטען געווען.

ער האָט צוגעדריקט איהר האנד צו זיין פּנים. זי האָט געפיהלט, אז איהרע פינגער זיינען נאַס.

ווי פון א נעבעלדיגער ווייטקייט האָט צו איהם דערגרייכט איהר קול:

— אָהן פרייד און אָהן לייד זיינען פער־גאַנגען די יאָהרען ביי מיר. איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם גרויסען, איך האָב געטריבען פון מיר אַלצדינג, וואָס עס קען ערשיטערן מיין נשמה. איך האָב רוה געוואָלט. נון, כ׳האָב די רוה בעקומען. אָבער אָהן פאָר־בען איז זי געווען, און ניט געוואַרעמט האָט זי מיין נשמה. כ׳בין מיעד — פון דער רוה. און אזוי איז פערשוואונדען מיין יוגענד.

די נאַכט איז לאַנגזאַם געשוואומען איבער זיי. די נאַקעטע צווייגען האָבען זיך געקלאָגט פאַר דעם נידעריגען פעראומערטען הימעל. די גאַנצע וועלט האָט זיך איינגעהאָרכט אין דעם טיעפען, טונקעלען ליעד.

ער האָט ארויפגעלעגט זיין קאָפּ אויף איהר ברוסט און גערעדט ווי אין חלום:

— ליעבסטע, קום צו מיר. איך האָב די אַלע יאָהרען געוואַרט אויף דיר. אין דיר לעבט מיין יוגענד און מיין גליק. מיט דיר וועל איך ווידער ערוואַכען צום לעבען. און דו — די וועסט זיך אַנוואַרימען ביי מיר. דיך וועט דערפרישען דער קוואַל פון מיין הארץ. די וועסט ווידער דערפיהלען זיך אליין. קאַלט איז מיין וועלט. פינסטער מיין טאָג. לאָמיר איינער ביים אַנדערען געפינען א שוץ פאַר זיך אליין. קום צו מיר. איך האָב דיך ליעב.

זי האָט איהם געגעבען איהר האנד. אונ־טער טונקעלע הימלען זיינען געגאַנגען צוויי פערליעבטע מענשען־קינדער, און הינטער זיי האָט דער ווינד געזשווישט און געקלאָגט.

צוויי מענשען זיינען געגאַנגען זוכען דאָס פערשוואונדענע גליק.

מ. זאַמעטקין

די אימיגראַציאָן און דער פּאָליטישער קאַמפּף

(א סאָציאַל־פּאָליטישע כאַראַקטעריסטיק)

2.

די גרעסטע צאָהל אימיגראַנטען פערבלייבען אין די גרויסע שטעדט, ווי מיר קאָנען דאָס זעהען פון די פאָלגענדע טאַבעלע פון די צאָהל איינגעוואַנדערטע אין די שטעדט:

	1900	1910
באָסטאָן	194.953	240.722
שיקאַגאָ	585.420	781.217
קליוולענד	124.354	195.703
דעטראָיט, מיש.	96.051	156.565
מילוואָקי	88.948	111.456
ניו יאָרק	1.260.918	1.927.703
פילאַדעלפיא	293.669	382.578
סאַנט־לואיס, מא.	110.966	125.706
ס.־פראַנציסקאָ, קאַל.	104.264	130.874

די מקומות ווייסען מיר שוין אלזאָ; טאָ

וואָס־זשע פאַר א פסיכיק ברענגען עס אהער אריין דיזע איינגעוואַנדערטע? (אויב, נאַטיר־ליך, זיי ברענגען אהער עפּעס א בעזונדערע פּסיכיק).

אום צו ענטפערן אויף דיזער פראַגע, כאָטש מיט עפּעס א שטיקעלע קליינעם פערשטאַנד, מוזען מיר זיך צו ערשט פרעגען אן אַנדער פראַגע, און נעמליך אָט דיזע: מיט וואָס צייכענען זיך אויס דיזע אַלע גרויסע מקומות אין אַמעריקאַ, וואו עס וואָהנען אם מייסטענס די „גרינע“?

אפילו דער האַסטיגסטער בליק אויף די אויבען־אָנגעגעבענע טאַבעלע, דעקט זאָפאָרט אויף דעם פאַקט, אז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט די גרעסטע שטעדט אין אַמעריקאַ. מיט וואָס־זשע צייכענען זיך עס אויס די גרעסטע שטעדט אין די פעראייניגטע שטאַאטען?

מיט די גרעסטע בודעל־פּאַרטייען.

איז דאָ שולדיג דער „גרינער“?

מיט די גרעסטע שולען פאַר קינדער און עלטערע — פאַר אָנפאַנגער און די פאָרטגע־שריטענסטע געבילדעטע מענשען.

אין אין דעם שולדיג דער „גרינער“?

מיט די גרעסטע ביבליאָטעקען, טהעאטע־רע, מוזעאומס, קונסט־אינסטיטוציאָנען...

איז אין דעם שולדיג דער „גרינער“?

קירכען, כינאַגאָגען, באַנקען, פאַבריקען און ז. וו., און ז. וו.

איז אַלץ דער „גרינער“ די אורזאַכע?

ס'איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ס'איז גענוג צו שטעלען דיזע אַלע פראַגען און טויזענ־דער אַנדערע אַזעלכע, גלייך צו בעגרייפען, אז דער „גרינער“ איז דאָ פונקט אזוי שולדיג, ווי דער ניט־„גרינער“ אָדער „אויסגעגרינטער“. מ'דאַרף איינפאַך האָבען דעם ענג־הערציגסטען גייסט פון א פערביסענעם „פּאַטריאָט“ פון די „גריגע“, אָדער פון די אַמעריקאַנער געבאָרע־נע, צו ווילען אין אַלעם זוכען די בעזונדערע פסיכיק פון בעזונדערע אָבטהיילונגען פון דער בעפעלקערונג. יאָ אימיגראַנטען, ניט אימי־גראַנטען, א גרויסע שטאָדט איז א גרויסע שטאָדט, מיט אַלע איהרע היינטיגע העלע און דונקעלע זייטען. א גרויסע שטאָדט מיינט גרויסע געשעפטען, גרויסע באַנקען, פאַבריקען, גרייסע מיליאָנערען, גרויסע קבצנים, גרויסע רעאַקציאָנערען און גרויסע רעוואָלוציאָנערען.

ניין, ניט די פסיכיק פון דעם איינגעוואַנ־דערטען „גרינעם“ אַרבייט אויס די גרויסקייט פון די גרויסע שטעדט, זאָנדערן, פאַרקעהרט, דיזע גרויסע צענטערס פון דעם מאָדערנעם אינ־דוסטריעלען, קאָמערציעלען און פינאַנציעלען טייפעל פון קאַפּיטאַליזמוס אַרבייט אויס די פסיכיק פון דעם אימיגראַנט. דער אימיגראַנט ברענגט טאַקע מיט זיך א געוויסען באַ־גאַזש פון אידעען און געפיהלען, דאָך דאָס היגע, ווייט־פּאָרטגעשריטענע לעבען, גיט צו אַלע אימיגראַנטען צוגלייך א ספּעציעלען כאַ־ראַקטער, א ספּעציעלען גייסט — דעם גייסט און כאַראַקטער, וואָס דער קאַפּיטאַליזמוס אַר־בייט אויס אַלע מאָל און אומעטום אין די אַלע פערשיעדענע גרופּען און קלאַסען.

די פסיכאָלאָגיע פון דעם אימיגראַנט ווערט בעאיינפלוסט פון דעם אַמעריקאַנער ווייט־פּאָרטגעשריטענעם קאַפּיטאַליזמוס.

טאָ וואָס איז דאָס פאַר א פסיכאָלאָגיע, און וואָס איז דאָס פאַר אן איינפלוס?

.3

פאַר דעם צוועק פון דעם איצטיגען אַרטי־קעל איז ניט נויטיג זיך אָפּצושטעלען אויף א גענויער אונטערזוכונג, אין וועלכע שטאַאטען דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזמוס איז מעהר ענטוויקעלט און אין וועלכע ווייניגער. פאַר אונז איז דאָ גענוג צו וויסען, אז די נאָרטה איז עס די הויפּט אינדוסטריעלע טהייל פונ'ם לאַנד. דאָ האָבען מיר די גרעסטע קאַפּיטאַלען, די גרעסטע פאַבריקען, די גרעסטע מינען, די מייסטע באַהנען, די גרעסטע באַנקען — דאָ, מיט איין וואָרט, איז דער קאַפּיטאַליזמוס אם שטאַרקסטען. אין בעצוג צו דער פראַגע פון אימיגראַציאָן אין די „נאָרטה“ געפינען מיר, אז די צאָהל פון די איינוואָהנער, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען היע פון עלטערען, וואָס זיי־נען אויף היע־געבאָרענע, איז אין יאָהר 1910 געווען קלענער ווי א העלפט פון אַלע ווייסע איינוואָהנער. דאָס הייסט, אז אויב די קינדער פון די אימיגראַנטען האָבען אין זיך נאָך די געוואָהנהייטען און געפיהלע פון זייערע עלטערן, איז די פסיכיק פון די איינגעוואַנדערטע די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון דער בעפעלקערונג אין די נאָרטה. (צו די נאָרטה רעכענען מיר דאָ אויך צו גאַנץ ניו ענגלאַנד און די מיטעל־אַטלאַנטישע שטאַאטען ניו יאָרק, ניו דזשערסי און פענסילווייניאַ). אין מינעסאָטאַ, צום ביי־שפּיעל, זיינען די היע־געבאָרענע ווייסע פון היע־געבאָרענע עלטערען ניט מעהר ווי 28 פּראָצענט פון דער גאַנצער ווייסער בעפעלקע־רונג; פון —

	1900	1910	
ניו ענגלאַנד שטאַאטען בלויז	45.4	40.3	%
מיטעל־אַטלאַנטישע „ „	49.0	44.8	„
איסט סענטראַל נאָרטה „	54.0	54.4	„
וועסט „ „ „	56.2	57.5	„

דאָס וועט, דאַכט זיך, זיין שוין איבער גענוג צו דערווייזען, אז אין דער מעכטיגער „נאָרטה“ איז דער אימיגראַנט מיט זיינע קינ־דערלאַך די מאַיאָריטעט.

וואָס־זשע האָבען מיר צו זאָגען וועגען זיין פסיכיק, וועגען דעם האַרץ און גייסט פון דעם „גרינעם“?

אין דער סאָציאַליסטישער און פּיעל־פּיעל מעהר אין דער ניט־סאָציאַליסטישער וועלט האָט מען אין די לעצטע עטליכע יאָהר פון דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער רעאַקציאָן, גענומען איינ׳טענה׳ען וועגען די גרויסע „נאַציאָנאַלע“ בעזאָנדערהייטען פון די אַלע פערשיעדענע אתה־בחרתה׳ניקעס, וואָס זינגען זיך אליין זייער נאַציאָנאַלען לויב־געזאַנג און האָבען פיינט „גויים“ — די פרעמדע. אין אמעריקא זיינען דיעזע גויים בלויז גרינע. ס׳איז ניט קיין פראַגע פון איטאַליענער, דייטשען, טערקען און אַזוי ווייטער, זאָנדערן פּשוט „גרינע“. אויך צווישען די אַמעריקאַנער היע געבאָרענע געפינען מיר דיעזען גייסט פון פיינט־האָבען די פרעמדע, די גויים. דיעזער שאָוויניזם און ענגהערציגקייט איז, דאַנקען גאָט, ניט קיין ספּעציעלע פּסיכיק פון איין ספּעציעלע נאַציאָן, פאַרקעהרט, דיעזער „נאַציאָנאַלער“ געפיהל אנערקענט קיינע נאַציאָנאַלע גרענעצען.

און אַזוי ווי ביי אונז אין אמעריקא איז דער „גוי“ דער אימיגראַנט, דער אנגעקומענער, דער גרינער, האָט „מען“ איהם דאָ פיינט אין אמעריקא. — פיינט, נאַטירליך, ביז מ׳קאָן פון איהם מאַכען אַ פּאָאָר דאָלאַר. און דער „מען“, וואָס האָט פיינט דעם „גרינעם“, איז אויך, דאַנקען גאָט, אַן אינטערנאַציאָנאַלער „מען“ — ער איז אַ איד, אַ דייטש, אַ טערק, אַן איירישמאַן, אַן איטאַליענער און אַזוי ווייטער. דאָס איז איין זייט פון דעם מעדאַל. נו, און די צווייטע זייט? האָט דער „גרינער“ אויך זיין נאַציאָנאַלען געפיהל? קיין נאַציאָן פון „גרינע“ איז דערווייל נאָך ניטאָ. האָבען מיר קיין מורא ניט זיך צו שטעלען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון „גרינע“; קיין „נאַציאָנאַלעכץ“ וועט דאָס ביי אונז ניט ענטוויקלען.

ערשטענס, פון וואַנען קומט ער, דער „גרינער“? קוקט זיך נור איין אין די פאָלגענדע טאַבעלע:

	1880	1890	1900	1910
פון עסטרייך	124.024	241.377	491.295	1.174.973
„ בעלגיען	15.535	22.639	29.757	49.400
„ ענגלאַנד	664.160	909.092	840.513	877.719
„ פראַנקרייך	106.971	113.174	104.197	117.418
„ דייטשלאַנד	1.966.742	2.784.894	2.813.628	2.501.333
„ אונגאַרן	11.526	62.435	145.714	495.609
„ איירלאַנד	1.854.571	1.871.509	1.615.459	1.352.251
„ איטאַליען	44.230	182.580	484.027	1.343.125
„ רוסלאַנד און פינלאַנד	35.722	182.644	640.743	1.732.462

ווי איהר זעהט, איז די הויפּט אימיגראַציאָן פון עסטרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, אירלאַנד, איטאַליען און רוסלאַנד. אָבער די אימיגראַציאָן, וועלכע האָט זיך פּיעל פאַרשטאַרקט אין די לעצטע דרייסיג יאָהר פון 1880 ביז 1910, האָט זיך ניט פאַרגרעסערט פון אַלע לענדער גלייך. אין די צעהן יאָהר פון 1900 ביז 1910 איז אין גאַנצען אריינגעקומען אַרום אַכט מיט אַ האַלבען מיליאָן אימיגראַנטען. און פון דיעזע קומען 6 מיליאָן הונדערט טויזענד, אָדער 72 פּראָצענט פון די סויטה און די איסט פון אייראָפּא. און נור איין מיליאָן 800 טויזענד אָדער 21% פון די נאָרטה וועסט פון אייראָפּא.

מיט וואָס־זשע אונטערשיידעט זיך עס דיעזע געוואַלדיגע מאַיאָריטעט פון 72 פּראָצענט פון די אַנדערע 21 פּראָצענט און פון די היע־געבאָרענע? אין קליינינקייטען — קלייד־ער, מאַניערען און דער גלייכען; — דאָס האָט אָבער קיין וויכטיגע בעדייטונג ניט. מיר האָבען נאָך ניט געזעהען, אַז אימיצער זאָל מאַכען אַ געוואַלד, וואָס איינער שניידט זיך אונטער די קאַפּאָטע; טראָגט גאָר די הויזען אי־בער די שטיוועל און אנשטאַט אַ שאַל טהוט מען זיך אָן אַ דאַמען־העט. די שפּראַך? האָט מען שוין מיט פּיעלע יאָהרען צוריק געמאַכט די ענטדעקונג, אַז אַ גראָבער יונג זיין און מיאוס׳ע רעד רעדען קאָן מען אויף אַלע שפּראַכען, פּונקט ווי מ׳קאָן אויף אַלע שפּראַכען זיין אי פיין, אי נאָבעל, אי געבילדעט. וואָס דען — די מאַניערען אין דער געזעלשאַפט, אין דער היים, די בענעהמונג מיט דער פרוי און קינדער? דאָס האָט שוין עפּיס יאָ אַ שטיקעל בעדייטונג; איז אָבער ערשטענס, דער „גרינער“ אין דיעזען פאַל ניט אויף אַ האָרעלע ערגער און ניט בעסער פאַר דעם ניט־גרינעם. אַ שכור און אַ גראָביאַן, אַ טאַטע אַ דעספּאָט, אַ מאַמע אַן אונוויסענדע זיינען פּונקט אַזאַ אָפטע ערשיינונגען ביי די „גרינע“ ווי ביי די ניט־„גרינע“ און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אין איין וויכטיגען פּונקט נור איז יאָ דאָ עפּיס אַן אונטערשיעד,—און דאָס איז דיעזער: די געוואַלדיגע מאַיאָריטעט פון די איינוואַנדערונג פון די איסט און סויטה פון אייראָפּא,— פון רוסלאַנד, עסטרייך, איטאַליען, א. ז. וו. — האָבען ניט אַזאַ ברייטע אונבעשרענקטע, מענער־שטימם־רעכט, ווי מיר האָבען עס דאָ, אין אמעריקא. דאָס איז אַ ריין פּאָליטיש־סאָציאַלע ערשיינונג, ניט קיין מאַססען־פּסיכאָלאָגיע,

ניט קיין פראַגע פון נאַציאָנאַלען גייסט פון ריעזע אָדער יענע אתה־בחרת׳ניקעס.

אין פערגלייך מיט דעם אַמעריקאַנער, איז דער אריבערגעקומענער אימיגראַנט ניט געוואָהנט זיך אַזוי פיעל זיך צו מישען אין דער פּאָליטיק. דאָס לעבען פון זיינע טאַטעס און זיידעס האָט איהם פון קינד־ווייז אויף ניט געלערנט זיך צו אינטערעסירען און צו וועלען האָבען אַ דעה אין דער פערוואַלטונג פון דער שטאָדט אָדער מדינה. צו דער פּאָליטיק איז ער, אַלזאָ, ניט צוגעקלעפּט. „אויך מיר אַ דאגה!“ שיינט צו זיין די האַלטונג פון דעם מייסטען „גרינעם“ צו סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגען. ווען ער אינטערעסירט זיך יאַ מיט דער פּאָליטיק — אין דעם ווירקליכען פּראַקטישען לעבען — איז דאָס בלויז אַזוי, ווי מען איז אַ מאָל פארקאָכט אין דעם האַנדלען און וואַנדלען פון עפּיס אַ גרויסען העלד אין אַ שפּאַנענדען ראָמאַן. „אַי, האָט דער טערק זיי צוקלאַפּט!“ „אַי, האָט דער יאַפּאַנער אריינגעהאַקט פאָניע׳ן!“ אָבער וועמען אַרט דאָס? וועמען׳ס באָבעס דאגה איז דאָס?

דאָס איז די געוואָהנהייט; דאָס איז די פון קינדערווייז אָן איינגעפּלאַנצטע פּסיכאָלאָגי פון דעם „אונטערטהאָן פון די לענדער“, וואו קיינע פּאָליטישע פּריוויהייטען, ווי אין אמעריקא, זיינען ניטאָ.

דאָס איז איינס. דיעזע אינסטינקטיווע גלייכגילטיגקייט, צו וועלכע מ׳איז געוואָהנט פון קינדווייז אָן אין די אַלטע היים, מוז זיך אויך אָפּשפּיעגלען אין דעם לעבען אין דער נייער היים. און דערפאַר געפינען מיר די אלגעמיין גוט בעקאַנטע גלייכגילטיגקייט פון די „גרינע“ צו וועלען ווערען סיטיזענס. אין 1910 האָבען מיר אין די פעראייניגטע שטאַאַטען געהאַט 24 מיליאָן 357 טויזענד מענער אין עלטער פון 21 יאָהר און מעהר; פון זיי זיינען 6 מיליאָן 646 טויזענד איינגעוואַנדערטע, — דאָס הייסט, מעהר ווי 24 און אַ האַלב פּראָצענט פון אַלע ווייסע דערוואַקסענע מענער; און פון זיי זיינען געוואָרען סיטיזענס נור 3 מיליאָן 34 טויזענד—ווייניגער ווי אַ העלפט; ערשטע פּייפּערס האָבען בלויז געהאַט 570 טויזענד; און זייענדיג דאָ אין אמעריקא פארבלייבען אַלס פרעמדע 2 מיליאָן 266 טויזענד, דאָס הייסט גאַנצע פיער און דרייסיג פּראָצענט. אין דער שטאָדט ניו־יאָרק אַליין, לויט דעם רעכנונג פון 1910, האָבען זיך פון 828 טויזענד 793 „גרינע“ מאַנסבילען, אין עלטער פון 21 יאָהר און מעהר, נאַטוראַליזירט בלויז 318 טויזענד מיט 91 פּערזאָן — ד. ה., אפילו ניט קיין 39 פּראָצענט.

דאָס איז די טרויעריגע זייט פון דיעזער סאָציאַל־פּאָליטישער ערשיינונג. פון קיין נאַציאָנאַלען גייסט קאָן דאָ קיין רעדע ניט זיין. שולדיג איז דאָ ניט דער נאַציאָנאַלער גייסט פון דעם איטאַליענער, רוסע, איד, פּאָלאַק, א. ז. וו; שולדיג זיינען דאָ די צוריקשטעהענדע מדינות, פון וועלכע דיעזע איינוואַנדערונג פליסט. שולדיג זיינען דאָ די דעספּאָטישע רעגיערונגען אין דער היים.

אָבער דאָס איז נור איין זייט פון דער פראַגע — און די דונקעלע זייט דערצו. די ליכטיגערע זייט האָט אויך ווייניג וואָס צו טהון מיט דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון דיעזע אָדער יענע מחנה איינוואַנדערער. דאָס איז דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון די ערוואַכענדע אַרבייטער־מאַססען, וואָס נעהמען פאָדערען זייערע רעכטע אין די אַלטע היימען— דאָס איז די אויפשטייגענדע פּראָטעסטען געגען אַלע פאָרמען פון טיראַניי, געגען יעדען סאָרט קלאַססען־אָדער גרופּען־הערשאַפט. אָפט מאָל נעהמט דיעזער פּראָטעסט אָן אַ נאַציאָנאַלען שלייער, אויב די אונטערדריקטע מיינען, אַז זייערע אונטערדריקער זיינען די גאַנצע נאַציאָן, צו וועלכע עס בעלאַנגט אויך די הערשענדע קלאַססע: דיעזער פּראָטעסט דריקט זיך געוועהנליך אויס אין אלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָדערונגען. דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט איז די הויפּט פון דיעזע פאָדערונגען. אָבער ניט איבעראַל איז די פּראָגרעסיווע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג די זיעגערין. פאַרקעהרט, זי איז מעהרסטענטהיילס די געשלאַגענע. דערפאַר קומט אָפט אַרויס, אַז די געשלאַגענע קעמפּפער פאַר דעם אַלגעמיינעם שטימרעכט ווערען ביי זיך געפאַלען, אָפּהענטיג; נו, ווערען זיי פּעסימיסטיש אַנגעהויכט, לאָזען זיי אַראָפּ די הענט, פאַרליערען דעם קוראַזש — און פיעלע פון זיי ווערען ענטטוישט, ווען ניט אין גאַנצען אין דער רעוואָלוציאָן, טאָ אַם ווייניגסטען אין דער פּאָליטיק פון דיעזער רעוואָלוציאָן.

קומענדיג קיין אַמעריקא, — אין אַ פריי לאַנד, אָבער אין אַ פרעמד לאַנד, געדריקט אונגעהייער שטאַרק פון די זאָרגען וועגען דעם שטיקעל ברויט, אַריינגעשליידערט אין די גרעסטע אָרימקייט, אונזיכער מיט׳ן לעבען — און ענטטוישט אין דער רעוואָלוציאָן נאָך פון דער היים (פון דעם רעאַקציאָנערען און גלאַט אונוויסענדען טהייל פון דער אימיגראַציאָן האָבען מיר דאָך גערעדט פריהער), זיינען דיעזע ענטטוישטע רעוואָלוציאָנערען ביי אונז די ערשטע אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָן צו פאַרדאַמען די רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע אַקציאָן אין אַלע איהרע פאָרמען פון קאַמפּיינס. אָט דיעזער רעוואָלוציאָנערער פּעסימיזמוס פון דער היים, אָדער דיעזער רעזולטאַט פון אַ צייטווייליגע נידערלאַגע אין דער היים, ווערט דאָ ביי אונז אין אַמעריקאַ אַ שותף און לייבליכער קרוב צו דער גאַנצער גרופּע אורזאַכען, וואָס רופען ביי אונז פּעריאָדיש אַרויס די חלאַת פון דעם

אונבעוואוסטזיניגען הייס־רויטען רעאַקציאָניזמוס, וואָס שלײדערט מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזען געגען דעם פּאָליטישען קאַמפּעין.

די איינוואַנדערונג אין אַמעריקאַ ברענגט מיט זיך אויף אַ קורצע צייט אַריין צו אונז אויך די שטימונג — אָבער ניט אויף לאַנגע יאָהר — פון דער היים; איז מען אין דער היים אין אַ געהויבענע רעוואָלוציאָנערע שטימונג, קומט מען אַהער איבערמאַכען אַמעריקאַ אויף דעם היימישען סטייל. איז מען אין דער היים אין אַ געשלאָגענע שטימונג, קומט מען אַהער פּעסימיסטיש אָנגעדרודעלט און מ'איז ביי זיך צו רעוואָלוציאָנער זיך אָפּצוגעבען מיט אַזעלכע קליינינקייטען, ווי צו בעלאַנגען צו דעם פּאָליטיש־אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט.

און דערפאַר זיינען די היעגע גענאָסען, — געג. מאָזעס אָפּפּענהיימער איז דאַכט זיך געוועזען דער ערשטער פון זיי — פאָלקאָמען גערעכט ארויסשטעלענדיג אין אונזער קאַמפּיין צום אַלעם ערשטען די אַלגעמיין־פּאָליטישע פאָדערונג, אַז מ'זאָל אין אלע שטעדט אויסברייטען דאָס שטימם־רעכט אין אלע שטאָדט אנגעלעגענהייטען פיר אַלע מענער און פרויען, „וואָס האָבען אין די פעראייניגטע שטאַאטען געוואָהנט זייט איין יאָהר און האָבען ערקלעהרט דעם וואונש צו ווערען בירגער“. דיעזע פונדאמענטאַלע פאָדערונג קאָן זיך האָבען איהרע פיעלע חסרונות, פונקט ווי מעלות; אָבער די אַלעס־איבערוועגענדע רעוואָלוציאָנערע בעדייטונג פון דיזע פאָדערונג מוז און וועט זיין אַריינצוציהען צו ערשט די קלאַסען־בעוואוסטערע עלעמענטען און נאָך זיי אויך די אלע אַזוי־זיך ראַדיקאַלע טהיילען פון דער איינוואַנדערונג אין דעם קאָך און דראַנג פון דעם היעגען, סאָציאַלען־פּאָליטישען לעבען. דאָס וועט אין זיי וועקען זייער סאָציאַלען אינטערעס; דאָס וועט אין זיי אויפפרישען דעם פאַרלאָרענעם מוטה פון די ניעדערלאַגעם אין דער היים; דאָס וועט זיי מאַכען פאַר אויס „גרינע“; דאָס וועט זיי ניט גיעבען דאָס רעכט צו זיצען אין דער היים, ווייל קיין סיטיזענס קאָנען זיי סאַי ווי סאַי ניט ווערען ביז וויים־איך־ווען — גאַנצע פינף יאָהר אַרום. און איין מאָל איז דער פּראָלעטאַריאַט פון אלע שפּראַכען און אלע פאַכען אַריינגעצויגען מיט לייב־און־לעבען אין קאַמפּף — דאַן מוז שטייגען זיין קלאַסען־בעוואוסטזיין, מוז וואַרעמער ווערען זיין רעוואָלוציאָנערעס בלוט, מוז דער פּולס פון דער סאָציאַלער בעוועגונג שלאָגען האַסטיגער ביי דעם אָרגאַניזירטען פּראלעטאַריאַט.

דיעזער פּונקט פון גלייכע שטימרעכט פאַר אַלע איינגעוואַנדערטע אין אַלע שטאָדט־אנגעלעגענהייטען אין דער בעסטער און ווייט־געהענדסטער ענטפער אויף די גלייכגילטיגקייט פון די איינגעוואַנדערטע און אויף די הייס־רויטע רעאַקציאָנערע טענות פון אונזערע אויך־מיר רעוואָלוציאָנערען.

די פּראָגראַם פון אונזער פאָריגען מוניציפּאַלען קאַמפּיין צ. ב. ש. האָט געהאַט אין זיך, אין אלגעמיין, העכסט וויכטיגע פאָדערונגען פון אַ ווייט־געהענדע בעדייטונג און אמת רעוואָלוציאָנערע ערציהונגס־ווערטה. אָבער איינע פון די ווייטגעהענדסטע פון זיי אַלע אין דיעזע פאָדערונג פון די אלגעמיינע גלייכע שטימרעכט פאַר מענער און פרויען, אָהן די ביזאַהעריגע רעאַקציאָנערע שטערונגען.

דיעזע פאָדערונג וועט זיכער געפינען אַ וואַרימען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די פון־דער־היים פּאָליטיש אונטערדריקטע עמיגראַנטען און אונזער ברודער־רוף צו זיי וועט ניט בלייבען אָהן די געווינשטע אַנטוואָרט.

פון אלע שטאַנדפּונקטען קאָנען מיר ערוואַרטען אַן אויפלעבונג אין אונזער בעוועגונג.*).

---

*) ציפערן און טאַבעלען זיינען אַרויסגענומען געוואָרען פון דעם דרייצעהנטען צענזוס פון די פעראייניגטע שטאַאטען. מ. ז.

שלום אַש

דער וועג צו זיך:

(ראָמאַן)

(פאָרטזעצונג)

8טער קאַפּיטעל.

די מלחמה מיט די אַראַבער.

אין אבענד האָט די שמחה געהאַלטען אין מיטען בעסטען גאַנג; דער עולם האָט געטאַנצט ביי שטאָלקאַטשען; די נאַכט איז געווען אַ דונקלע און אַ ווארעמע. די שטאָלקאַטשען האָבען זיך געברענט, און דער עולם איז געווען פערשפּרייט איבער די פעלדער, צווישען די ווייסע הייזלעך, און אונטערגעזונגען זיך ליעדלעך, — צום סוף איז מען שוין איבערגעגאַנגען צו רוסישע ליעדער, נישט געקוקט אַזוי אויף דעם „חול". אַ רוסיש מיידעל, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון קליין רוסלאַנד, האָט געזונגען קליין רוסישע ליעדער, וועלכע זיינען דעם עולם זעהר געפעלען. איבריגענס זיינען שוין די גדולים פון יפו אָבגעפאָהרען, עס איז נור איבערגעבליבען יונגוואַרג, און מען האָט זיך אַזוי גאָר ערלויבט צו זינגען אַ אידישפאָלקס ליעדעל. אַ יונגער מאַן, פון א חסיד'עשע משפחה, האָט אָנגעהויבען צו זינגען:

„אין מיטען וועג שטעהט אַ בוים,
האָט ער זיך איינגעבויגען;
פאָהרט אַ יוד קיין ארץ־ישראל
מיט פערווייטע אויגען . . ."

דעם עולם איז דאָס ליעדעל געפעלען, אונטערגעכאַפּט דעם חסיד'ישען ניגון, און אַלע האָבען מיטגעזונגען אין כאָר. אגראַנאָם בלום איז צוערשט נישט צופרידען געוועזן פון דעם „זשארגאָנישען" זמר, נור בשעת חדוה האָט ער מוחל געווען. נור אין מיטען זינגען, ווי דער עולם הערט זיך איין צו דעם יונגענמאַנ'ס ניגון, דערהערען זיך צוויי שאָסען. זיי האָבען פערשטאַנען, אז עס איז אַ צייכען פון שומר אויף געפאַהר. עס הייסט, די אַראַבער זיינען אָנגעפאַלען, און די יונגע לייט האָבען זיך געגעבען אַ לאָז צו די שטעלער, געכאַפּט די ביקסען אויף די פּלייצעס, און געוואָרפען זיך אויף די פערד — אַלע יונגע לייט, סיי די גלויביגע, סיי די סקעפּטיקער. עס האָט זיך אין זיי אָנגעצונדען דער נאַטירליכער פערלאַנג צו בעשיטצען זייער אייגענטום. צוערשט האָט מען געכאַפּט אַ שטאָלקאַטש און בעלויכטעט דעם וועג; דערנאָך האָט מען זיך מיישב געווען, אז עס איז געפאַהר, דאָס ליכט, וואָס קען ווייזען די אַראַבער דעם ציעל צו זייערע ביקסען: זיי זיינען געוויס בעהאַלטען אין דעם ווייַן. ארויסגעקומען הינטער דער קאָלאָניע, האָבען זיי שוין אָנגעטראָפען דעם שומר, וועלכער איז אַקעגענגעלאָפען אין דער קאָלאָניע אריין אָנזאָגען די סכנה. עס האָט זיי געלאָזט, די אַראַבער, אין כעס, וואָס מען האָט ביי זיי אָבגעקויפט דאָס דאָרף (כאָטש בעצאַהלט דערפאַר מיט אַ דאָפּעלטען פּרייז), האָבען זיי אויסגענוצט די געלעגענהייט, וואָס די יונגע קאָלאָניסטען און די מענער פון זייער שכנ'ישער קאָלאָניע זיינען אריבער צום קאָלאָניע־יום־טוב, זיינען זיי בעפאַלען די „גנות", די פעלדער און אנגעהויבען צו ראַבעווען די תבואות פון די פעלדער. די צוויי יודישע שומרים וואָס זיי איז געוואָרען אנפערטרויט דאָס גוט פון דער קאָלאָניע, דורכגעדרונגען מיט ליעבע צו דעם יודישען גוט, — האָבען זיי בעטראַכט זייער זאַך, ווי אַ הייליגע, ווי א נאַציאָנאַלע אַרבייט, און דאָס האָט זיי געגעבען מוט און ענערגיע אויסצופיהרען זייער ארבייט מיט געטריישאַפט. נישט קוקענדיג אויף דער געפאַהר האָבען זיי מוטהיג בעשיצט דאָס יודישע גוט, אַוועקגעשטעלט זיך אינצווייען געגען די אַראַבער. ערשט אַז איינער פון זיי איז געפאַלען פון א שוס פון א ביקס, האָט דער צווייטער דערזעהען, אַז אַליין וועט ער נישט זיין בכח צו בעשיטצען די פעלדער, האָט ער זיך געלאָזט איבער דעם אראַבישען דאָרף אין דער קאָלאָניע רופען הילף. עס איז געווען אַ זיכערער טויט, און נישט קוקענדיג אויף די קוילען וואָס זיינען געפאַלען פון די גריבער, אין וועלכע די אראַבער האָבען זיך בעהאַלטען, האָט איהם זיין פערד געטראָגען דורך דער געפאַהר, און פון דער ווייטענס האָט ער געשאָסען צוזאַמענגעבענדיג וועגען דער געפאַהר. אָנגעטראָפען די רייטערס, וואָס זיינען ארויס פון דער קאָלאָניע, האָט ער באַלד אומגעקעהרט זיין פערד, פאָראויסגעלאָפען און אָנגעפיהרט זיי, וואו די אראַבער זיינען. אַלעמען האָט בעלעבט א בעגייסטערונג און א מוט:

זיי האלטען מלחמה נישט פאר זיך, נור פאר דעם גאנצען כלל, צו בעפעסטיגען דעם ישוב דאָ, צו רעטען דעם יודישען שטאָלץ און איינצופלייסען צווישען די אראבער מורא און אכטונג פאר יודישעם אייגענטום, פאר דעם נייעם יוד, פאר דעם נייעם ישוב, וואָס בויט זיך דאָ. און מיט קיין זאך קען מען די ווילדע שבטים נישט איבערצייגען, נור מיט מוט און געפאהר. האָבען טאקע די יונגע לייט מוט ארויסגעוויזען: אָנקומענדיג צו די מחנה אראבער, וועלכע זיינען שוין געפאהרען צוריק פון דער קאָלאָניע און האָבען געפיהרט דאָס יודישע גוט אויף וועגען אין זייער דאָרף אריין, האָבען די יודישע יונגע לייט בעשטימט מיט'ן טויט אָבצוקויפען צוריק דאָס יודישע אייגענטום און איינצונעמען די אראבער. נישט קוקענדיג אויף די קוילען, וואָס האָט זיי בעגעגענט פון די גוט ציעלענדע אראבישע רייטער, וועלכע זיינען געפלויגען ווי בליצען צווישען זייערע פערד, האָבען זיי זיך אקעגען געלאָזט די אראבער. אָנקומענדיג אין דער נאָהנט האָבען זיי זיך פערשפרייט אין די ווינקעלעך, יעדער בעזונדער, כדי די אראבער זאָלען זיי נישט טרעפען און בעגעגענט די אראבער מיט א מחנה קוילען. די יודישע יונגע לייט, האָבענדיג בעסערעס אייראָפּעאישעס געווער, ווי די אראבער, האָבען זיך געקענט שטעלען ווייטער ארויס פון דעם אראבישען שוס שטח; די אראבישע קוילען זיינען פון זיי אָבגעפאלען, דאגעגען די יודישע קוילען האָבען געטראָפען אין די אראבישע מחנות. דאָס געיעג האָט אָנגעפיהרט דער איינזשעניער בלום, וועלכער האָט קאָמאנדירט דערביי, ווי א פאָלקאָווניק זיין פאָלק. ער איז בעגייסטערט און שטאָלץ געוועזן, וואָס ער פיהרט די מלחמה, און א מינוט געקלעהרט, אז ער איז דער „וואָיאשאק סטאש", וועלכער שלאָגט זיך מיט די רוסען אין דער פּאווסטאניע:

— פערשפרייט אייך — האָט ער קאָמאנדירט — יעדער אין אנאנדער ווינקעל, שטעהט נישט אין אראבישען ציעל, לעשט אויס די שטאלקאטשען, וואַרפט אראָב די ווייסע טיכער פון די קעפּ, כדי די אראבער זאָלען נישט זעהען אייערע פּאָזיציעס, אראָב פון די פערד, שאנצט זיך הינטער די פערד. — צו האָט ער שוין פארגעסען זיין לשון קודש דערביי און קאָמאנדירט אויף זיין מוטער־שפראך, אויף פויליש, נור די יונגע לייט האָבען איהם פערשטאנען און מיט אימפּעט געפאָלגט איהם. די יודישע קוילען האָבען באלד צו שוויגען געבראכט די אראבישע, די אראבער האָבען אָנגעהויבען צו לויפען מיטשלעפּענדיג מיט זיך די וועגען. דאָ האָט מישע געגעבען א שריי אויס צו זיין חבר משה, מיט וועלכען ער האָט אין איינעם געוואָהנט: — „קום ראטעווען די וועגען". געגעבען זיך א כאפּ ארויף אויף די פערד און געלאָזט זיך אין די אראבישע מחנה אריין. א פּאָר יונגע לייט הינטער זיי שוין, די קוילען פליהען פאר זייערע אויגען פערביי, ווי פונקען פייער, — זיי קוקען נישט, איילען מיט אימפּעט אין די מחנה אריין, כאפּען שוין אָן די אָקסען ביי די לייצעס — טאקע זיין פריינד משה גיט א געשריי אויס: „אוי" — און גיט א פאל אראָב פון פערד און דאָס פערד אנטלויפט פון אונטער איהם אין סטעפּ אריין. אָבער די יונגע לייט האלטען שוין די וועגען מיט דעם יודישען גוט ביי די פערד, נאך פינקלען פאר זיי די קוילען, שלאָגען זיך מיט די ביקסען, — אָבער דאָס יודישע גוט האָבען זיי געראטעוועט און די אראבער אנטלויפען, איבערלאָזענדיג די וועגען ביי זיי, שלעפּען מיט זייערע פערוואונדעטע, לאָזען זיך אין דאָרף אריין און האקען צו דעם טויער נאך זיך.

מען איז אראָב פון די פערד, אָנגעצונדען די שטאָלקאטשען און אָנגעהויבען צו זוכען די פערוואונדעטע. צוויי יונגע לייט זיינען געוואָרען פערוואונדעט און איינער איז געפאלען א טויטער — מישע'ס חבר און פריינד, צייט ער איז דאָ אין לאנד, משה, וואָס איז געפאלען צו מישעס פיס. מישע האָט געהאט א לייכטען שניט מיט א קינזשאל אין דער האנד, וואוהין אן אראבער האָט איהם געשניטען, ווען ער האָט אָנגעכאפּט די לייצעס פון די פערד. די אראבער האָבען זייערע פערוואונדעטע און טויטע מיטגענומען מיט זיך אין דאָרף אריין. די פערוואונדעטע האָט מען אויף די פערד מיט די וועגען געראטעוועטעס יודישעס גוט געפיהרט אין דער קאָלאָניע אריין; ביי דעם טויטען איז געוואָרען אויפ'ן פעלד אויפגעשטעלט א וואך, ווארים עס איז זעהר וויכטיג נאך די טערקישע געזעצען אויף וועמענס פעלד מען געפינט די טויטע ביים שרייבען דעם פּראָטאָקאָל. מורא האָבענדיג, אז די אראבער זאָלען דעם געפאלענען חבר נישט איבערטראָגען אויף דעם יודישען פעלד, האָט מען אויפגעשטעלט א עהרען וואך. עס זיינען איבערגעבליעבען דער איינזשענער בלום, מישע און א פּאָר חברים, די פערד אָנגעבונדען, די שטאלקאטשען אָנגעצונדען, די ביקסען גרייט געמאכט צו בעשיטצען זיך פון א נייעם איבערפאל. איז מען איבערגעבליבען איבער נאכט אויפ'ן פעלד ביים טויטען חבר. די נאכט איז געוועזן א דונקלע, טיעף אין הימעל האָבען זיך בעהאלטען די שטערען, א קאלטער ווינד האָט געבלאָזען פון די הרי־יהודה אראָב, פון דער ווייטענס האָט זיך דערהערט דאָס קלאגען פון די שאקאלען, וואָס האָבען געוויינט צווישען די שטיינער און די היילען. עס האָט זיך געדאכט, אז עס ברומט ביינאכט די אלטע יודישע נשמה, וואָס קומט דאָ אהער פון דעם פינסטערען גלות און קלאָגט אויף איהר גורל. יעדער פון די יונגע לייט

איז געווען פערזונקען אין זיינע געדאנקען, געזעסען אין זיין ווינקעל מיט זיין ביקס אין דער האנד און געקלעהרט וועגען א צוקונפט נישט פאר זיך, נור פאר זייער גאנץ פאָלק. שטאָלץ האָט זיך אַרויף־ און אראָבגעדרעהט דער אינזשענער בלום מיט זיין ביקס אין האנד ווי א אנפיהרער, און איז שטאָלץ געווען אויף די טהאט, וואָס ער און זיינע קאָלאָניסטען האָבען בעוויזען. ער איז געווען א איינפאכער מענש, א איינפאכע נשמה, קיין קאמפליצירטע נאטור. ער האָט נישט געוואוסט די יודישע געשיכטע און נישט געוואָלט וויסען, געוואוסט, אז עס איז געווען א יודישעס לעבען אמאָל, ווען עס איז געווען א יודישע מדינה דאָ אויף דעם אָרט און עס הייבט זיך אָן אזא יודיש לעבען פון דעם טאָג אָן, וואָס ער איז ווידער דאָ אויף דעם אָרט. אויסגעשטריכען האָט ער דעם גרויסען גלות און נישט געוואָלט וויסען דערפון און פיינד געהאט עס — א נאטירליך געזונד־לעבען האָט ער געוואונשען פאר זיין פאָלק דאָ, אויף דעם לאנד וואו יעדער שריט וועט ווערען אויסגעקויפט מיט בלוט. ער האָט גע'חלומ'ט פון א גרויסער מלחמה, וואָס וועט אמאָל דאָ זיין אויף דעם אָרט און דעם לאנד צו בעפרייען א גאנץ פאָלק. ער האָט געהערט די טריט פון די פערד, דאָס קלינגען פון די כלי־מלחמה, וואָס טראָגט זיך אין דער לופטען. דאָ אויף דעם פעלד וועט אמאָל אויסגעקעמפפט ווערען די יודישע פרייהייט, דאָס אויסלייזען פון גלות, דאָ וועט זי געבוירען ווערען. אָדער דאָ — אָדער מיט דער שווערט און בלוט און א לעבען פון יודען־גוים, געזונד און נאטירליך; אָדער גאָר נישט, אָדער צוריק צו די גוים. דאָס בענקען, דאָס זוכען, דער „אידעאל“, וועגען וועלכע די „יונגלעך“ חלומ'ן, פעראכטעט ער; ער ווייסט נישט וואָס נור שטעהט ביי זיי אין די גרויסע ספרים געשריבען, וועלכע די ישבוטציגע אַלטע יודען לערנען אין זייערע בתי־מדרשים. דאָס איז גלות, און יעצט דאָ, ביי דעם געפאלענען חבר, וואָס איז געפאלען פאר בעפרייאונג אין דער דונקעלער נאכט אויף דעם לאנד, האָט ער געהערט דאָס ברומען פון די פערד, וואָס פיהרען די העלדען פון דעם קריעג ארויס, און ער איז מיט זיי, אן אנפיהרער פון זיי; ער האָט געזעהן דעם גרויסען יודישען פארלאמענט, אין וועלכען עס ווערט געפייערט די יודישע בעפרייאונג. עס זיטצען די בכביד'יגע יודען פון אלע לענדער, די יודישע נאציאָנאלע רעגיערונג, דער יודישער סנהדרין. ער ערקענט בעקאנטע געזיכטער, און די העלדען טראָגען אריין אין פארלאמענט די פעהנער, וואָס זיי האָבען אוועקגענומען פון שונא קעמפפענדיג פאר פרייהייט, און בויגען די פעהנער פאר הערצעל'ס פאָרטרעט,

און אפשר איז ער אויך צווישען די פעהנערטרעגער . . . .

און מישע . . . ער איז געזעסען ביי זיין טויטען חבר, מיט וועלכען ער האָט געטיילט אלע זיינע חלומות, אלע זיינע אידעען. ער, דער ברודער זיינער, וועלכען ער האָט זיך געפונען, ביידע אויפגעצויגען בעזונדער, געטראָפען זיך דאָ אין לאנד, און ביידע גע'חלומ'ט די זעלבע חלומות, ביידע דאָס זעלבע געקלעהרט, געהענדיג אין געהיים אין די היילען, אויף די קברים, אויף די יודישע היסטאָרישע ערטער, און האָבען ביידע געוואָלט הערען דאָרט דאָס ברומען פון דער יודישער נשמה. און דאָ ליגט ער פאר איהם א חלל אויף דעם יודישען פעלד מיט זיין ביקס אין דער האנד. נישט געפאלען איז ער, ווי יענע קרבנות, וועלכע מען האָט ארויסגענומען ווי שעפסען פון דער סטאדע ארויס, און גע'שהט'ען, ניט געפאלען איז ער א קדוש בעל־כרחו ווי א שעפס, ווי די אלע יודישע קדושים אין גלות. נור מיט דער ביקס אין דער האנד בעשיטצענדיג יודישעם גוט און יודישען שטאָלץ. אָ, ווי האָט ער מקנא געווען זיין חבר דעם טויטען, דער וואָס בינדט איהם צונויף מיט די העלדען, וואָס זיינען אמאָל אויך דאָ געפאלען. ווי האָט ער דעם טויטען קושען געוואָלט, קושען געוואָלט זיין בלוט, זיינע יונגע יאָהרען און ווי גליקליך און שטאָלץ איז ער געווען אויף איהם, שרייען האָט ער געוואָלט מיט דעם גאנצען קול, איבער דעם גאנצען לאנד, אז די ערד זאָל הערען:

— „יודען, א גרויסע ישועה איז געקומען, דער ערשטער קרבן, וואָס פאלט נישט ווי קיין שעפס, נור ווי א העלד!“ — אזא בלוט איז היילינ און ריין, און דאָס איז שפייז פאר דעם חיות פון א פאָלק. איז אזא בלוט נישט היילינער און שעהנער פאר די אלע טייכען בלוט, וואָס זיינען געוואָרען פארגאָסען ביז יעצט ביים יודישען פאָלק? — ער איז ערציטערט געוואָרען ביי דעם געדאנק . . . .

19טער קאפיטעל.

די תימנ'ער יודען.

איבער דער וויסטע איז געגאנגען א שטים און איז אָנגעקומען אין תימן אין אראביען, אז עס איז געקומען די ערלייזונג פון יודען, און די בני־ישראל הויבען זיך אָן צו בעזעצען אין זייער פאטער־לאנד. און די אונגליקליכסטע פון די אונגליקליכע — די תימנ'ער יודען, וועלכע האַלטען זיך דאָרט אויף פון ערשטען חורבן אָן און זיינען געוואָרען די קנעכט פון פעטער ישמעאל, די וואָס טאָרען נישט רייטען אויף קיין אייזעל, ווען דער אראבער געהט אדורך, און טראָגען נאָך דעם פלעק פון דער געטהא ביז'ן היינטיגען טאָג, — האָבען זיך אָנגעהוי־

בען צו קלייבען אין זייער פאטער־לאַנד. אויף איינפאכע בערלענקעס, צוזאמענגעקלאפּט פון ברעטער, האָבען זיי זיך געלאָזט מיט ווייב און קינד איבער'ן ים, פערוואגעלט געוואָרען אויף פערשידענע ברעגען, די העלפט איז פון זיי אויסגעשטאָרבען אויפ'ן וועג פון פערשידענע קרענק, הונגער און נויט, און אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען זיינען צום יפו'ער ברעג צוגעשוואומען צוויי בערלענקעס מיט די תימנ'ער יודען. זיי האָבען געלאנדעט אויפ'ן ברעג מיט די ווייבער און קינדער, און דערהערט, אַז זייערע פיס האָבען שוין מיט אַן אמת בעטרעטען דעם הייליגען באָדען, — האָבען זיי זיך מיט די געזיכטער געוואָרפען אויף ד'רערד, געקושט די ערד אין'ם עקסטאז פון זייערע יאָהרענלאַנגע, צוהיטצטע פאַנטאַזיעס איבער דעם לאַנד פון זייער בענקען. האָבען זיי נישט געוואוסט וואָס צו טהון פאַר פרייד, געוויינט פאַר גליק, געזונגען, געטאַנצט און ארויסגעלאָזט פון זיך ווילדע געשרייען, ווי זיי וואָלטען גערופען אין דער וויסטע דעם געשריי, וואָס זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראכט פון דער וויסטע. צוערשט האָט מען זיך מיט זיי זעהר דערפרעהט — די פּני און די „חשובי יפו" זיינען זיי אקעגען ארויס אויפ'ן ברעג, אויפגעשלאָגען פאר זיי שטעלער, ביידליך און בעזאָרגט זיי מיט ברויט צו שטילען זייער ערשטען הונגער. אָבער די תימנ'ער יודען האָבען נישט געוואָלט בלייבען אין יפו, וועלכע האָט אַ קליינע ראָלע געשפּיעלט אין זייער פאנטאזיע, און זייער רעליגיעזער עקסטאז האָט געטראָגען זייער ערשטען טריט קיין ירושלים, צום הר־הבית, צו דעם כותל־מערבי. דעם וועג פון יפו קיין ירושלים האָבען זיי געמאַכט מיט ווייב און קינד צו־פוס, און אַז זיי האָבען פון דערווייטענס דערזעהען די הייליגע שטאָדט, פון וועלכער שפּיצען פון קאטאָלישע קירכען און מאַחמעדאַנישע מעטשעטעס האָבען ארויסגעקוקט, איז געוואָרען צווישען זיי אַ שרעקליך געוויין, אַ געוויין פון פרייד און פון צער, וואָס זיי זעהען די הייליגע שטאָדט און זעהען די טומאה, אין וועלכער זי שטעקט. לאַנג זיינען זיי געלעגען אויף דער ערד, איינגעגראָבען די פּנים'ער אין דעם זאמד, און געגעבען פון זיך שרעקליכע ברומען, געשרייען, רופען העברעאישע אויסגעמישט מיט אַראַבישע. אין ירושלים זיינען זיי אָנגעקומען צו תשעה־באב, ווען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג קומט זיך צונויף פאר דעם כותל מערבי. די נאַכט איז געווען אַ דונקלע, אַ שרעקליכע ירושלים נאַכט; פון די היילען ארום דער שטאָדט האָט זיך געהערט דאָס קלאָגען פון די שאקאלען און עס איז געווען, ווי עס רופען די בת־קולות פון די היילען, און ברומען ווי די טויבען: „וועה איז מיר, וואָס איך האָב מיין הויז חרב געמאַכט". פאר דעם כותל מערבי זיינען שוין געווען פערזאַמעלט אַלע פערשידענע עדות פון יודען, וואָס וואוינען אין ירושלים. די ספרדים זיינען געקומען אין זייערע טערקישע טורבאַנען, מיט די גרויסע גרינע גארטלען, שוואַרצע בערד, מיט אָבגעברענטע געזיכטער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען, רמב"ם קעפּ, און שבתאי־צבי־קעפּ; אין די זאָקען האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף ד'רערד פאַר דעם כותל־מערבי. פּוילישע יודען אין די שוואַרץ־אטלאַסענע צוריסענע קאפּאָטעס מיט די שטריימלען; די אויסגעבלייכטע פּנימ'ער האָבען זיי איינגעגראָבען אין די גרויסע שפּארעס צווישען די שטיינער פון דעם כותל־מערבי און אַריינגעוויינט אין זיי; די בוכארער יודען אין זייערע קאָלירטע מאַנטלען, אין די פּיטערנע היטלען — אַלעס איז געלעגען אויף דער ערד. די ליכט אין די אייל לעמפּלעך האָבען זיך געברענט צווישען די שפּאַלטען פון די גרויסע שטיינער, און די קולות און די יללות האָבען זיך געריסען אין הימעל אַריין: „איכה ישבה בדד העיר". עס האָט זיך געדאכט, ווי עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די יודען פון אַלע עקען און ליגען אונטער דער וואַנד, זיי זיינען אַרויסגעוואָרפען אויף דער צווייטער זייט וואַנד, צווישען זיי און גאָט שטעהט אַ וואַנד און זיי רופען און שרייען צו גאָט דורך דער וואַנד: „גאָט, פערהייליג דיין נאָמען איבער דער גאַנצער וועלט". און די וואַנד איז שטום און קאַלט, און זאפּט אין זיך אַריין די טרעהרען און געשרייען און פערשווייגט אַלע געבעטען, אַלע געשרייען, וואָס ישראל וויינט איבער זיינע צרות. קומען אהער צושווימען דאָ צו דער וואַנד, און דאָ ביי דער וואַנד שטאַרבען זיי אָב, און ווערען פערלוירען און אַריינגעשטופּט צווישען די שפּאַלטען פון שטיינער און געהען נישט ווייטער. אָ, ווער וואָלט געקומען און צובראָכען די וואַנד צווישען ישראל און זיין גאָט!

די נאַכט איז געווען שוואַרץ און צאָרנדיג, אַ שרעקליכע קאַלטע ירושלים נאַכט פון ערענסטקייט; גאָט־פאָרכט איז געלעגען אין דער לופט און די שטימע פון דער שכינה האָט געקלאָגט אין אַלע היילען ארום דער אַלטער מויער. אין דער שוואַרצער נאַכט האָבען זיך אַריינגעריסען די תימנ'ער יודען, געקומען אייבער די ימים צו פאָהרען אויף די בערלענקעס, באַרפוס און שטיל, מיט ווייב און קינד; זייערע ווייסע קיטלען האָבען זיך געבלייכט אין דער דונקלער נאַכט, און ווי זיי זיינען אָנגעקומען פאר דעם כותל־מערבי און דערזעהן די יודען, וואָס ליגען פאר איהם, און דערהערט דאָס געוויין, זיינען זיי ווי איין מענש מיט ווייב און קינד געפאַלען מיט די פּנימ'ער פאר דער וואַנד, אויסגעשפּרייט די הענד צום הימעל און אַ גרויס געשריי, דאָס געשריי פון דער וויסטע.

דאָס געשריי פון דער יודישע עולה האָט זיך געריסען פון זיי אין דעם שוואַרצען הימעל אַריין. זיי האָבען דערזעהן, אַז זיי זיינען געוואָרען אָבגענאַרט, משיח איז נאָך נישט געקומען, די ערלייזונג איז נאָך נישט דאָ.

20טער קאַפּיטעל.

די אבגענאַרטע האָפנונג.

אָבער מען האָט עפּעס געמוזט טהון מיט די תימנ׳ער יודען; זיי האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די גאַסען מיט ווייב און קליינע קינדער, אַרעם און קראַנק, קיין העמד אויפ׳ן לייב, קיין ביסען ברויט אין מויל, קיין דאַך איבער׳ן קאָפּ. זיי זיינען געקומען מיט די ווייבער און די קליינע קינדער צו די טהויערען פון די שוהלען און די בתי־מדרשים און אויסגעשפּרייט זיך ווי אין דער וויסטע, און גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט פערשפּראָכען זייערע עלטערן, אויף דעם לאַנד האָבען זיי אַזוי לאַנג געוואַרט און אויסגעשטאַנען אַלע ענויים פון די אַראַבער — דאָס איז דער שכר? דאָס איז די בעלוינונג פאַר אַלעם? דאָס איז גאָטס פערשפּרעכען דורך אַזוי פיעל דורות? די שטאַרקערע פון זיי האָט מען גענומען און צושיקט אין די יודישע קאָלאָניעס, און די שוואַכערע און די עלטערע און די ווייבער און די קינדער האָבען זיך, ווי דער זאַמד, ווי דאָס מיסט, איבער אַלע גאַסען פון דער הייליגער שטאָדט אַרומגעוואַלגערט מיט פערבלענדטע, טרוימענדע אויגען פון הונגער, קראַנקהייט און רעליגיעזען עקסטאַז.

עס איז אויפגעשטאַנען די אידעע צו מאַכען אויס די תימנ׳ער דעם נאַטירליכען עלעמענט וואָס דאָס לאַנד בעדאַרף — דעם יודישען פויער; מען האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען צו שאַפען איהם פון די אידעאַליסטען און קאָלאָניסטען; צושיקט האָט מען די שטאַרקערע פון די תימנ׳ער אין די יודישע קאָלאָניעס, אַז זיי זאָלען בעאַרבייטען די ערד אַנשטאַט די אַראַבער. מען האָט געלעגט פיעל האָפנונגען אויף זיי. די תימנ׳ער, געוואוינט צו דער אַראַבישער היטץ און קלימאַט, איז גיכער אַ צוגעפּאַסטער עלעמענט, ווי די יונגע לייט, וואָס קומען פון רוסלאַנד. אָבער די תימנ׳ער יודען, וועלכע האָבען בעטראַכט דאָס לאַנד ווי די ירושה פון זייערע עלטער־ען, וואָס גאָט האָט פערשפּראָכען די יודען, אָנקומענדיג אין די קאָלאָניעס און זעהענדיג ווי די בעלי־בתים לעבען זיך אין ברייטע הייזער און זיי הייסט מען בעאַרבייטען די ערד, האָבען אָנגענומען דאָס פאַר אַן עולה, וואָס מען בעגעהט געגען זיי. זיי האָבען גע׳טענה׳ט: אַז יהושע בן נון האָט צוטיילט דאָס לאַנד אַלעמען גלייך, און ארץ־ישראל געהערט צו אַלע יודען, און זיי ווילען נישט זיין קיין „עבדים“ ביי זייערע אייגענע ברידער, נור מען זאָל זיי געבען „חלק בחלק שוה במחנה“. וויפיעל מען האָט גע׳טענה׳ט מיט זיי און געגעבען זיי צו פערשטעהן, אַז משיח איז נאָך נישט געקומען, דאָס לאַנד געהערט צו אייגענטימער, — זיי האָבען זיך נישט געלאָזט איבערצייגען — ארץ־ישראל געהערט צו אַלע יודען און זיי זיינען אַ שבט אין ישראל, און קיין עבדים ווילען זיי נישט זיין און פאָדערן זייער חלק.

אויך אַגראַנאָם בלום האָט אַריינגעקריגען אין זיין קאָלאָניע אַ צאָהל תימנ׳ער, מיט די ווייבער און קינדער, פאַר וועלכע פּועלים האָבען אויפגעשטעלט ביידלעך אין דער קאָלאָניע און צוגענומען ווי ברידער. ביי די פּועלים האָט זייער אָנקומען אַרויסגערופען גרויס בעגייסטערונג. זיי, די „טרוימער“, האָבען דערזעהן, אַז די אידעע פון משיח׳ן איז נאָך ניט אָבגעשטאָרבען ביי יודען, אַז זי לעבט צווישען פאָלק, און דער נאָמען פון משיח האָט גערופען די אומגליקליכע פון דעם ווייטען תימן און געטראַגען זיי איבער דעם ים אין הייליגען לאַנד אַריין. זיי האָבען דערפיהלט די ברידערליכע נשמה, וואָס האָט געלעבט ווי ביי זיי, ביי זייערע עלטערען, אויך דאָרט אין דער וויסטע, ביי יענע יודען, כאָטש זיי האָבען זיך נישט צוזאַמענגעטראָפען, ניט בעגעגענט זיך דורך דער גאַנצער צייט, וואָס יודען זיינען אין גלות. אומעטום, וואוהין יודען זיינען געוואָרען פערטריבען, האָבען זיי מיטגעטראַגען מיט זיך דאָס קערנדעל פון זייער גלויבען, פון זייער האָפנונג, פון דער אמונה אין משיח, און דאָס קערנדעל האָט געבליהט דורך דער גאַנצער צייט פון גלות ביז עס האָט ערוועקט זיך, אויפגעבליהט און געטריבען זיי אין לאַנד אַריין. זיי, די יודיש־רוסישע סטודענטען, וואָס האָבען שוין נישט אַליין קיין אמונה געהאַט, נור דאָס בענקעניש נאָך איהר און די פּאָעזיע פון איהר, זיינען בעגייסטערט געוואָרען פון דעם רעליגיעזען עקסטאַז, וואָס לעבט נאָך צווישען די תימנ׳ער. זיי האָבען דערזעהען אין זיי די נאַקעטע יודישע נשמה, וואָס האָט זיך אומעטום געקענט ערהאַלטען אין איהר קלאָרהייט — צי צווישען די ציוויליזירטע אייראָפּעער, צי צווישען די ווילדע אַזיאַטישע שטאַמען, אין די וואַרימע צוהיטצטע זאַמדען פון דער וויסטע. עס איז ביי זיי געווען אַ סימן פון דער שעפּפערישער קראַפט, וואָס שטעקט נאָך אין זייער פאָלק, אַ סימן פון אויפלעבען, וואָס וועקט זיך אין זייער פאָלק. זיי האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן די תימנ׳ער און געלעבט מיט זיי, און אַז זיי האָבען דערהערט, אַז די תימנ׳ער ווילען נישט געהען צו דער אַרבייט אין די יודישע קאָלאָניעס, ווילען נישט זיין קיינע „עבדים“.

נור פֿאַרערן זייער חלק אין ארץ ישראל, אַז זיי גלויבען באמונה שלמה, אַז ארץ־ישראל געהערט צו אַלע יודען, און יהושע בן נון האָט אַלעמען צוטיילט דאָס לאַנד, האָבען זיי דעריגען דערהערט אַ גרוס פֿון אַלטע דורות. זיי האָבען דערזעהען פֿאַר זייערע אויגען דאָס וואונדער, אַז אָט די תימנ'ער זיינען נישט אַראָב געקומען אין לאַנד אריין ראַטעווען זיך פֿון נויט, דאָ אַ לעבען צו מאַכען, נור געטריבען פֿון מעסיאַנישען געדאַנק, אַז זיי זיינען אַדורכגענומען מיט דעם רעליגיעזען עקסטאַז, און ווילען לעבען לויט דער ביבעל, אַז זיי זיינען געגליכען צו די יודען, וואָס זיינען אַמאָל אריינגעקומען קיין ארץ־ישראל, זיי הויבען אָן אויפ'ס ניי — יהושע בן נון'ס צוטיילונג איז פֿאַר זיי נאָך גילטיג. זיי האָבען זיי פֿערשטאַנען, געפֿיהלט, אונטערגעשטיצט זיי, און צוגעגעבען מוטה.

נור דאָס, וואָס איז געווען פֿערשטענדליך פֿאַר די „אידעאַליסטען", איז נישט געווען פֿערשטענדליך פֿאַר דעם אגראַנאַם בלום און די אַנדערע יודישע קאָלאָניסטען. דער אגראַנאַם בלום, וועלכער האָט זיך צוערשט אָנגעכאַפּט אָן דער אידעע פֿון די תימנ'ער, אַז אָט די, די וועלען זיין דער עלעמענט, פֿון וועלכע ער וועט גרינדען זיין מוסטער קאָלאָניע ; די וועלען זיין די אמת'ע יודישע פֿויערים, וועלכע וועלען זיך פֿיהרען פּויעריש, לעבען איינפֿאַך — די ווייבער וועלען די קיה מעלקען, די פּויערים אַרבייטען, און שבת וועלען זיי טאַנצען און זינגען ליעדער, —אַז ער האָט געהערט די טענות פֿון די תימנ'ער, האָט ער נישט פֿערשטאַנען וועגען וואָס דאָ געהט, און איז באַלד איבערצייגט געוואָרען, אַז אויך פֿון זיי וועט ער נישט קענען מאַכען דעם פּויערישען עלעמענט : יעדען פֿריה־מאָרגען פֿאַר דער אַרבייט האָבען זיי זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען און וויינען, וועלכעס האָט געדויערט אַ שטיק אין טאָג אַריין, דערנאָך זיך גענומען משניות צו לערנען ; אָדער גאָר אין פֿעלד אין מיטען דער אַרבייט האָט זיך אַזאַ תימנ'ער פֿערגלוסט נאָך דער גמרא, נאָכ'ן מדרש און זיך אַוועקגעזעצט אין דער זון לערנען. די זעלבע תלמוד יודען, דער גלות יוד, האָט ער גע'טענה'ט, און באַלד טאַקע האָט מען זיי אָנגעהויבען צו טרייבען פֿון די דערפֿער, פֿון די קאָלאָניעס. די קאָלאָניסטען האָבען נישט געוואָלט האַלטען ליידיגעהערס, גמרא לערנער ביי זיך אין דער קאָלאָניע און עסען זיי געבען. אויך אגראַנאַם בלום האָט זיי געסטראַשעט מיט אַרויסיאָגען פֿון דער קאָלאָניע. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאַמענצוקומען אויף די פֿעלדער און געפֿרעגט זיך, וואו עס וואָהנט דער משיח, וועלכער צוטיילט די ערד אין ארץ־ישראל.

עס האָבען זיך באַלד געפֿונען ביי זיי איינינע יונגע לייט פֿון די „פּועלים", אונטער זיי מישע, וועלכער האָט געוואָרפֿען די אַרבייט און אַרויסגעגאַנגען צו די תימנ'ער, וואָס האָבען געהאַרט ווי אַ מחנה פֿערלאָזטע פֿייגעל אויף די פֿעלדער. וואָס אַמאָל זיינען זיי זיך מעהר צוזאַמענגעקומען.

די ווייבער האָבען געטראָגען זייערע קינדער אָנגעבונדען אויף די רוקענס, די מענער, דאַרע, אָבגעברענטע געזיכטער, מיט די שוואַרצע געגרייזעלטע פּאות, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פֿון די ווייסע ליילעכער, האָבען געציטערט פֿון ווינד, אַנידערגעלעגט זיך אויף די פֿעלדער מיט ווייבער און קינדער. די קינדער האָבען גע'שריען, געוויינט, די מוטער'ס האָבען זיי איינגענומען, טייל געשטעקט אין די קינדערס רויטע מיילעכלעך ביינדלעך, וועלענדיג זיי אָבנאַרען, אַז זיי זויגען אָדער טרינקען ; די מענער זיינען געזעסען נעבען זיי, די קעפּ אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, און נאָכגעקלעהרט וועגען דעם, וואו איז גאָטס הבטחה. דער ספק איז קיינמאָל, קיינמאָל נישט אריינגעדרונגען אין זייערע הערצער, אויסשטעהענדיג די אַלע ענויים און שאַנד פֿון זייערע אַראַבישע שכנים, גלויבענדיג, אַז דער רבונו־של־עולם וועט אַמאָל זיי בעצאָהלען פֿאַר די ענויים. די אמונה, וואָס האָט אויסגעהאַלטען אַזוי פֿיעל הונדערטער יאָהר און אַזוי פֿיעל צרות, האָט אָנגעהויבען צו וואַנקען אויף דעם באָדען פֿון זייער צוגעזאָגט לאַנד. איז טאַקע אַלעס, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אונזערע עלטערען אברהם, יצחק ויעקב — דאָס ארץ זבת חלב ודבש, זאָל עס חלילה נישט וואהר זיין ? איז דאָס נור אַ חלום געווען ? אַ, ווי שרעקליך זיינען געווען די ענויים דאָ אויף דעם הייליגען באָדען, נישט איבער געלד און הונגער, נור, חלילה, וואָס גאָטס הבטחה ווערט נישט מקוים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלטע פֿאָלק ישראל, קומענדיג אויפ'ן ברעג פֿון זייער צוגעזאָגט לאַנד, הייבען אָן צו צווייפֿלען אָן די הבטחות פֿון יהוה, און אַ שרעק קוקט אַרויס אין די אויסגעלאָשענע שוואַרצע אויגען פֿון די מענער, פֿון די ווייבער, דער שרעק פֿון אָבגענאַרטע האָפֿנונגען, וואָס האָבען אַזוי פֿיעל געקאָסט.

שרעקליך איז געווען איבערצוטראַגען דאָס בילד פֿון יאוש. די יונגע לייט זיינען געלאָפֿען אין די קאָלאָניעס אַרום, האָבען געבראַכט מעהל, ברויט, קאַרטאָפֿעל, אָנגעלעגט אַ פֿייער און געקאָכט פֿאַר זיי. די נאַכט האָט זיך שוין געדונקעלט, אַ שוואַרצע פֿינסטערנייש האָט אַרומגענומען די פֿעלדער, די קינדער האָבען זיך אָנגעהויבען צו טולען צו די מוטערס, דאָ און דאָרט האָט מען געהערט ווי אַ תימנ'ער לערנט זיין משניות, אָדער גיט אַרויס פֿון זיך אַ משונה'דיג ווילד קול, זינגענדיג אַ טרויעריג, מעלאַנכאָליש ליעדעל צו יהוה, און עס איז געווען אַ גרוס, אַ צייכען, אַ געשריי, אַז ניין.

נאָך נישט האָבען זיי אָנגעוואָהרען די האָפנונג אין יהוה, זייער גאָט לעבט און זיינע הבטחות וועלען מקוים ווערען.

מען האָט געקלערט וואָס צו טהאָן. איינינגע יונגע לייט זיינען געלאָפען זוכען דעם „פעטער דעם שוסטער". „דוד הסנדלר" איז געווען א דייטשער יוד, א געענדיגטער יוריסט, א מענש מיט א פיינער דייטשער פעדער, וועלכער איז געווען מיסטיש געשטימט, און אז עס איז אויפגעקומען די ציוניסטישע אידעע, האָט ער אוועקגעוואָרפען זיין שטעלונג, אראָבגעפאָהרען קיין ארץ ישראל. דאָ איז ער געוואָרען א פראָסטער שוסטער, חתונה געהאַט מיט א ספרדישע; האָט ער געוואָהנט אין א יודישער קאָלאָניע און בעשעפטיגט זיך מיט שוה־מאַכען; דערביי אָבער האָט ער נישט אויפגעהערט צו שטודירען אלעס, וואָס איז שייך צו ארץ־ישראל. ער האָט געקענט דאָס לאַנד, יעדעס ווינקעלע, און געוואוסט, ווי הויך יעדער באַרג איז, ווי טיעף יעדער טייך, אלע וועגען און פערוואָרפענע דערפער און שטעדט, ארומגעטראָגען זיך תמיד מיט פראָיעקטען וועגען ארץ ישראל, געקומען צו פאָהרען אויף יעדען קאָנגרעס און פאָרגעלעגט זיינע פראָיעקטען, וועלכע האָבען נור ארויסגערופען א געלעכטער און ניט אויסגעהערט געבליבען.

אָבער דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען צו שטודירען די גאַנצע ליטעראַטור איבער פאַרמעריי און ווירטהשאַפט און דאָרף־פיהרונג. ער האָט געוואוסט פון יעדע נייע מאַשין, וואָס איז געוואָרען ערפונדען אין דייטשלאַנד — מילך צו רייניגען, אייער אויסצובריהען, קיה צו פעטיגען, ערד צו קולטיווירען. געהאַט האָט ער פון דער ספרדית איין איינציג קינד, וואָס האָט שטענדיג געקרענקט, און שטענדיג האָט ער ארומגעטראָגען ביי זיך אין איין קעשענע רפואות פאַר זיין איינציג קינד, איהם ביים לעבען צו דערהאַלטען, און אין דער צווייטער קעשענע פראַיעקטען, רעקלאַמען, בראָשורען און אנאָנסען איבער לאַנד־ווירטשאַפט און פאַרמעריי — זיין צווייט קינד צו ערהאַלטען, דעם ישוב. און מען האָט נישט געוואוסט, וועלכעס קינד איז ביי איהם ליעבער און פאַר וועלכען ער שאַפט ענערגישער די רפואות, וואָרום זיינע ביידע קינדער זיינען קראַנק געווען און לעבענס־געפעהרליך...

אָט ארום דעם פאַנטאַסט, וואָס האָט נור תמיד געלעבט אין חלום פון דער צוקונפט פון זיין פאָלק, האָבען זיך קאָנצענטרירט און געקליבען אלע יונגע לייט, וואָס האָבען געטראָגען קיין ארץ ישראל דאָס בענקעניש נאָך עפּעס אייגענעם. אלע פועלים, אלע שומרים אין די אידישע קאָלאָניעס, האָבען פערקעהרט ביי „דוד הסנדלר", פערגעטערט איהם, און ער איז געווען זייער אָנפיהרער, און ווי עפּעס צום ישוב, האָבען זיי זיך מיט איהם מישב געווען.

מען האָט איהם געזוכט און צום סוף געבראַכט. א קליינס, אן אויסגעדאַרט, מיט א ניכטער פנים, איינגעוויקעלט אין זיין דייטשע פעלערינע. ער האָט אָנגעקוקט די מחנות תימנ'ער, וואָס זיינען געלעגען ווי א מחנה פעריאָגטע פויגעל אויפ'ן פעלד. א טייל האָבען זיך ארומגעקליבען ביים פייער, וואָס האָט זיך געברענט אויפ'ן פעלד, און געלערנט אין זייערע הייליגע ספרים.

— פיהרט זיי קיין יפו! — האָט געגעבען א בליץ אין דעם דוד הסנדלר'ס אויגען די אידעע פון א נייעם פראָיעקט. — צו וואָס איז דאָ א נאַציאָנאַל־פאָנד? זאָל דער נאַציאָנאַלער פאָנד זיי געבען ערד און זאָלען זיי בעאַרביטען די ערד. זיי וועלען אָבצאָהלען א געוויסען שכר פאַר דער ערד יעהרליך, פאַר דעם געלד וועט מען ווידער ערד קויפען, און ווידער בעזעצען תימנ'ער.

— א סך זיינט איהר? — פרעגט ער די תימנ'ער.

— צוויי הונדערט פאַמיליעס זיינען מיר געקומען, אָבער אונזערע קלייבען זיך דאָ אהער, פיעל פערקויפען דאָס אייגענס און קלייבען זיך אין וועג אריין, דאַרפען שוין אודאי אָנקומען מיט זייערע שיפלעך. וואָרום אין אונזערע מקומות האָט זיך א נביא געוויזען און אָנגעזאָגט די בשורה, אז משיח איז געקומען און יודען הויבען אָן זיך צו בעזעצען אין לאַנד פון אונזערע אבות — דערצעהלען אייניגע פון זיי.

— א געניאַלע אידעע! — פינקלען זיך די אויגעלעך פון דוד הסנדלר — און ער דרעהט זיך נערוועז ארויף און אראָב און קייט זיין שוואַרץ בערדעל. דאָס בילד, אז משיח איז געקומען, א נביא האָט זיך געוויזען צו די תימנ'ער, האָט איהם בעגייסטערט און זיין פנים לייכט, נור דער קאָפּ, דער ניכטערער קאָפּ פון דעם דייטש געשוהלטען, אַרבייט דערווייל אויס א פראָיעקט, רעכענט אין זיך, רעכענט ווי פיעל פראַצענט זיי וועלען דאַרפען צאָהלען א יאָהר דעם נאַציאָנאַל פאָנד, כדי אויסצוצאָהלען די ערד — אין פערציג יאָהר מיט דריי פראַצענט...

אויף מאָרגען האָבען די טהירען פון דעם פאַלעסטינער אַמט, פון דער קאָלאָניאַל באַנק, פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד, בעלייגט א מחנה תימנ'ער יודען מיט זייערע ווייבער און קינדער און פערלאַנגט דעם „נשיא". די אָנפיהרער פון זיי זיינען געווען דער „דוד הסנדלר", מישע און נאָך אייניגע יונגע לייט. זיי האָבען אויפגעשלאָגען זייערע געצעלטען. די ווייבער מיט די קינדער האָבען זיך אויף דער גאַס אויסגעלעגט, פערשטעלט דעם פערקעהר, וואָס איז נישט געווען קיין נייעס אין די יפו'ער

גאַסען, און נישט געוואָלט אוועקגעהן ביז דער נשיא וועט נישט ארויסקומען. אז עס זיינען צו זיי ארויס דער אָנפיהרער פון פּאַלעסטינער אַמט מיט איינִיגע משרתים און געפרעגט, וואָס זיי פערלאַנגען, איז ארויס פון דער תימנ׳ער עדה א זקן און האָט אזוי געזאָגט:

— „אז יהושוע בן נון האָט די יודען אריינגעבראַכט אין לאַנד אריין, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אונזערע עלטערען אברהם, יצחק און יעקב, האָט ער דערנאָך, ווי ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד, צוטיילט לויט׳ן גורל יעדען שבט דעם טהייל, וואָס גאָט האָט בעשטימט לויט׳ן גורל. חלק בחלק האָט ער צוטהיילט, קיינער איז ניט געוואָרען געמינערט. מיר זיינען מיט כלל ישראל פערטריבען געוואָרען דורך גאָט איבער אונזערע עלטערענ׳ס זינד אין דער אראַביאַ, צו אונזערע פּייניגער, די אראַבער. פיעל צרות זיינען מיר אויסגעשטאַנען, אין גאָט, אין לעבעדיגען גאָט האָבען מיר ניט אויפגעהערט צו גלויבען, און געגלויבט, אז ער וועט אונז פון דעם גלות אויסלייזען. און יעצט, אז גאָט האָט שוין צו אונז זיין נביא געשיקט און אָנגעזאָגט די הייליגע בשורה, אז יודען בעזעצען זיך צוריק אין דעם לאַנד פון זייערע אבות, און יעצט, אז מיר האָבען זוכה געווען צו טרעטען אויף דעם הייליגען שטויב פון דעם צוגעזאָגטען לאַנד, פערלאַנגען מיר א גלייכען טהייל מיט אונזערע ברידער. קיינעמ׳ס טהייל זאָל ניט ווערען געמינערט, נור אַזוי ווי ביי יהושוע בן נון זאָלען די חלקים ווערען צוטהיילט לויט דעם גורל. און לויט דעם גורל, וואָס גאָט וועט בעשטימען, וועט צו יעדען זיי חלק געהערען“.

דער מורשה האָט אויסגעהערט די רייד פון דעם זקן, אַ גוטער שמייכעל האָט געשיינט אויף זיינע געגאָלטע וואָנצלעך, און האָט אזוי געענטפערט:

— „משיח איז נישט געקומען, און דאָס לאַנד האָט נישט יהושוע בן נון איינגענומען, נור יעדער קויפט זיך פאַר זיין געלד. דער וואָס האָט געלד קויפט זיין חלק, און דער וואָס האָט נישט קיין געלד, דאַרף דיענען ביים צווייטען“. — דורך דעם ראַטה ער זיי, אז זיי זאָלען צוריקגעהן אין די קאָלאָניעס און שטעלען זיך דיענען ביי זייערע ברידער, די קאָלאָניסטען. נור דער זקן האָט איהם איבערגעהאַקט:

— „א, דו זאָגסט נישט גוט. גאָט האָט נישט געהייסען דיענען א ברודער ביי א ברודער אין דעם הייליגען לאַנד. ביזט דו קיין נשיא נישט, נישט צו דעם זיינען מיר אהער געקומען פון אזוי ווייט, אז מיר זאָלען זיך שטעלען דיענען ביי אונזערע אייגענע ברידער. איז גלייכער שוין צו דיענען ביי ישמעאל׳ן, איידער ביי מיין ברודער, וואָרום ביי ישמעאל׳ן בין איך אין גלות, און ביי מיין ברודער ווער איך פערשעמט“.

— קען איך אייך גאָרנישט העלפען, — און דער „נשיא“ האָט געוואָלט צוריק אריין.

נור דאָ האָט זיך אריינגעמישט דער „דוד הסנדלר“, אז ער האָט אויסגעאַרבייט א גאַנצען פּראָיעקט, ווי דער נאַציאָנאַל פאָנד וועט זיי אַלעמען געבען געלד אויף אויסצאָהלען, די נאַציאָנאַל באַנק וועט ערוב זיין דעם נאַציאָנאַל פאָנד פאַר׳ן געלד, און דאָס געלד וועט ווערען אויסגעצאָהלט דורך ראַטעס.

— אָ, איך ווייס שוין אייערע פּראָיעקטען, בעהאַלט זיי אויפ׳ן צוקונפטיגען קאָנגרעס.

אָבער מיישע איז אויפגעשפּרונגען:

נור צו וואָס דען איז דער נאַציאָנאַל פאָנד? דאָס פאָלק האָט געשאַפען דעם נאַציאָנאַל פאָנד נישט הייזער צו בויען פאַר אייערע טשינאָווניקעס מיט אייערע לעהרערלעך, נישט שולען צו מאַכען פאַר די קינדער פון קאָלאָניעס, וועלכע האָבען שוין גענוג שולען פון אַלע חברות, און דורך דעם ווערען זייערע קינדער נישט קיין ערד־אַרבייטער, נור קאַאַירער סוביעקטען — דאָס פאָלק האָט געשאַפען דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און גיט זיינע אָרימע גראָשענס דערויף — ערד צו קויפען, דאָס פאָלק צו בעזעצען. דאָס איז אן אויפגאַבע פאַר׳ן נאַציאָנאַל פאָנד, נישט פאַר קיין פּריוואַטע מענשען צו אונטערשטיצען, הייזער צו בויען און שקאָלעס צו מאַכען.

— ווער זיינט איהר, יונגער מאַן? — רופט זיך אָן דער מורשה.

— איינער, וואָס ליעבט זיין פאָלק און זיין לאַנד, און פאָדערט א גערעכטע זאַך — רופט זיך אָן מישע.

— ניין, איהר זיינט אן אַרבייטער אויף דער ערד פון נאַציאָנאַל פאָנד, און די ארבייטער זיינען דערצו דאָ, צו אַרבייטען, נישט צו באַלמאָטשען. און וואָס דער נאַציאָנאַל פאָנד האָט צו טהאָן, דאָס לאָזט אונז איבער.

— איך וואָלט עס אייך איבערגעלאָזט, נור ווען די מורשים ווייסען ניט, צו וואָס זיי זיינען בעשטימט, און וואָס זיי האָבען צו טהאָן, מוזען זיי די אַרבייטער לערנען.

— קיין סך רעדען מיט אייך האָב איך קיין צייט נישט, מיר זיינען נישט קיין לעדיגגעהערס ווי איהר זיינט, וואָס איהר זיינט נור געקומען שטערען דעם ישוב, נישט בויען — זאָגט דער מורשה און געהט אריין צו זיך צוריק אין צימער.

מיט דעם האָט זיך געענדיגט די צוזאַמענרעדע.

די תימנ׳ער האָבען זיך נאָך ארומגעוואַלגערט א פּאָאַר טעג אין יפו׳ער גאַסען. א סך זיינען צוריק אין די קאָלאָניעס געקומען און

געבעטען זיך, אז מען זאָל זיי צוריקנעהמען, וואָס די קאָלאָניסטען האָבען נישט געוואָלט, אָדער אָנגעשטעלט זיי ביי דער שווערסטער ארבייט, פאַר'ן קלענסטען לוין. א טהייל פון זיי האָבען זיך געלאָזט קיין ירושלים אויסוויינען זיך פאַר'ן כותל־מערבי און פאַר די קברי בית אבות, א סך פון זיי האָט מען געשאַפען ארבייט פאַר דעם קלענסטען לוין אין די „ירושלים געווערב שוהלע בצלאל", וואו מען האָט זיי בעהאַנדעלט ווי קינדער און אונוויסענדע פיה. די איבריגע האָבען זיך ארומגעשלעפּט איבער יפו, איבער דעם ישוב, אוועק קיין גליל, קיין טבריה און אויף חורבת ר' מאיר בעל הנס, און דאָרטען ווייטער זייער משניות געלערנט, — וואָרום דעם גלויבען אין יהוה'ן האָבען זיי נישט פערלוירען, און זיי האָבען געגלויבט, אז עס איז נאָך ניט געקומען די ריכטיגע צייט און דאָס איז נישט די ריכטיגע גאולה.

אז מיישע מיט זיינע חברים זיינען אהיים געקומען אין זייער קאָלאָניע, האָבען זיי געפונען זייערע כלים פערשלאָסען, און אינזשענער בלום האָט זיי געלאָזט זאָגען, אז זיי האָבען נישט מעהר קיין אָרט אין דער קאָלאָניע, וואָרום זיי זיינען געקומען נישט בויען, נור צושטערען.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

פּ. ליבמאַן

דער אידישער פּראָלעטאריאט און די אידישע וואַנדערונגען

(צו דעם 8טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד")

צווישען די פּראַגען, וועלכע שטעהען אויפ'ן טאַגעסאָרדנונג פונ'ם 8טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד", געפינט זיך אויף דער פּונקט „די אַרבייטער־פּאָליטיק אין דער עמיגראַציאָנס־פראַגע".

דעם אָרגאַניזירטען אידישען פּראָלעטאריאט אין רוסלאַנד וועט אַלזאָ אויסקומען צו פאָרמולירען זיינע אויפגאַבען בנוגע צו אַן ענין, וואָס שפּיעלט אַן אויסערסט־וויכטיגע ראָלע נישט נור אין זיין אייגענעם לעבען, נור אויך אין'ם לעבען פון'ם אַרבייטער־קלאַס אין אַמעריקאַ. נאָך מעהר: אַלס פּראַקטישע פראַגע איז די עמיגראַציע פון רוסלאַנד קיין אַמעריקאַ פיעל וויכטיגער פאַר דער אידישער אַרבייטערשאַפט אין אַמעריקאַ ווי פאַר'ן אידישען פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד.

אין פּלוג קען אפשר די לעצטע בעהויפּטונג אויסזעהען זאָנדערבאַר. באמת אָבער קען אין דעם קיין שום ספק ניט זיין צוליעב פיעלע אורזאכען. דאָ איז גענוג צו דערמאָהנען פאָלגענדעס:

די פּראַקטישע אויפגאַבען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער בנוגע צו זייער חבר, וואָס האָט זיך ענטשלאָסען צו פערלאָזען זיין אַלטע היים און קומט קיין אַמעריקאַ, זיינען דאָ אין אמעריקאַ, דרינגענדער, ברייטער און דויערהאַפטער ווי אין רוסלאַנד. און דאָס איז שוין דערפאַר אַליין, וואָס אין אַמעריקאַ האָבען מיר צו טאָן מיט אַן איינוואַנדערונג, בעת אין רוסלאנד איז דאָס אַן אויסוואַנדערונג: דער עמיגראַנט פערלאָזט רוסלאַנד, און אין אַמעריקאַ קומט ער לעבען און ארבייטען. מיט רוסלאַנד, מיט דער רוסלענדער אַרבייטערשאַפט, מיט דעם פּראָלעטאַרישען קאַמפּף אין רוסלאַנד רייסט ער איבער די דירעקטע, אַלטעגליכע בעציהונגען; אין אַמעריקאַ, פערקעהרט, טרעט ער אַריין אין געוויסע בעציהונגען צום אַרבייטער־קלאַס, פערנעהמט אַ געוויסע פּאָזיציע אין סאָציאַל־עקאָנאָמישען לעבען און ווירקט דורכדעם, אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אַרט, אויף די אַרבייטס־בעדינגונגען און אויף דעם פּראָלעטאַרישען בעפרייאונגס־קאַמפּף בכלל. פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס פון די איינוואַנדערונגס־לענדער איז דעריבער די פּראַגע, וואָס צו טאָן אין בעציהונג צו דער וואַנדערער־מאַסע, באמת איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען פון זיין אַלטעגליכען קאַמפּף.

געוויס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו

מיינען, אַז די מאַסען־עמיגראַציע, דערהויפּט די געגענווערטיגע אידישע עמיגראַציע, האָט ניט קיין אויסערסט־וויכטיגע ווירקונג: אויף דעם פּראָלעטאַרישען קאַמפּף אויך אין די אויס וואַנדערונגס־לענדער, ספּעציעל אין רוסלאַנד. ווי עס ווייזען די גענויע ציפערען פון דער איינוואַנדערונגס־סטאַטיסטיק אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, איז ביי קיין שום פאָלק ניט אַזוי גרויס דער פּראָצענט אַרבייטער פאַך־לייטע Skilled צווישען די וואַנדערער, ווי ביי אידען. מיר וועלען שוין לאָזען אָן אַ זייט די לאַנדווירטשאַפטליכע פעלקער, ווי צ. ב. די רוטענער, רומענער, קראָאַטען, פּאָלאַקען, מאַדשיארען און ד. ג., ביי וועלכע די פאַך־אַרבייטער בילדען אפילו ניט קיין צעהנט־חלק פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע וואַנדערער, נור נעהמענדיג אפילו די אינדוסטריעלסטע פעלקער פון אייראָפּא, זעהען מיר צ. ב., אַז ביי די דייטשע אימיגראַנטען אין אמעריקא בילדען די פאַך־אַרבייטער 30 פּראָצענט, ביי די ענגלענדער 49 פּראָצענט, ביי די שאָטלענדער 58 פּראָצענט, און ביי די אידען 76 פּראָצענט, ד. ה. צוויי־דריטעל פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע וואַנדערער. אין געוויסע פאַכען, צ. ב. אין שניידעריי, וואו די אויסוואַנדערונג איז בעזונדער שטאַרק, האָט אין רוסלאַנד די עמיגראַציע איינפאַך אַ צוּשטערענדע ווירקונג אויף די פּראָלעטאַרישע קלאַסען־אָרגאַניזאַציע און אויף דעם קיום פון די שווער־ערקעמפּפטע בעסערע אַרבייטס־בעדינגונגען*).

וואָס איז אָבער דאָ צו טאָן געגען דער צושטערענדער ווירקונג פון דער עמיגראַציע? — קעמפּפען געגען דער אַלגעמיינער רעכטלאָזיגקייט, בעסער איינאָרדנען די פּראָדוקציע, קעמפּפען פאַר בעסערע אַרבייטס־ און לעבענס־בעדינגונגען, פערפעסטיגען ווי ווייט מעגליך די עקזיסטירענדע אָרגאַניזאַציעס, און ז. וו., ד. ה. פיהרען דעם אַלגעמיינעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען און פּאָליטישען בעפרייאונגס־קאַמפּף. דאָס שטרעבט בכלל אויפצוהויבען די לאַגע פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס און ממילא שוין צו פערקלענערען די סבות, וואָס שטופּען צו אויסוואַנדערונג. קיין ספּעציעלע אויפגאַבע צוליעב דער עמיגראַציע איז דאָס ניט, און ווען קיין בעדייטענדע אויסוואַנדערונג וואָלט אפילו ניט פאָרגעקומען, וואָלט מען דאָך אויך געדאַרפט פיהרען און געפיהרט דיעזען בעפרייאונגס־קאַמפּף.

די איינציגע ספּעציעלע אויפגאַבע, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך דער עמיגראַציע אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער, איז דער פערשיעדענאַרטיגער שוץ פון די וואַנדערער: די אויסוואַנדערענדע חברים זאָלען ניט זיין געצוואונגען אויסצושטעהען כל המינים חבוט הקבר, זיי זאָלען ניט ווערען אויפ׳ן שרעקליכסטען אופן עקספּלואַטירט, אויפ׳ן שענדליכסטען אופן ערנידעריגט דורך די פערשיעדענע שווינדלער, וואָס ספּעקולירען אויף דעם עמיגראַנטישען עלענד, אָנהויבענדיג פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע שיפס־געזעלשאַפטען און ענדיגענדיג מיט די גנב׳שע סוב־אַגענטען אָדער פשוט׳ע הענדלער מיט לעבעדיגע סחורה. — געוויס איז דער שוץ פון דער עמיגרירענדער פּראָלעטאַרישער און האַלב־פּראָלעטאַרישער מאַסע זעהר אַ וויכטיגע אויפגאַבע פאַר׳ן אַרבייטער־קלאַס. נור טאַקי דערפאַר, ווייל דאָ האַנדעלט זיך וועגען שיצען די יעניגע, וואָס וואַנדערען אויס, איז דיעזע אויפגאַבע ניט דירעקט פערבונדען מיט דעם אַלטעגליכען קאַמפּף פון די אַרבייטער־מאַסען, וועלכע בלייבען אויף די ערטער; די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע אינ׳ם זין פון שוץ פאַר אויסוואַנדערער קען מען דעריבער ניט פיהלען אַלס עטוואָס ברענענדעס ביי די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס פון די אויסוואַנדערונגס־לענדער.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די לאַגע אין אַמעריקא. די רעגולירונג פון דער וואַנדערונג ליעגט דאָ ניט נור אין די אינטערעסען פון די וואַנדערער גופא; דאָס ליעגט אויך ניט וועניגער טאַקי דירעקט אין די אינטערעסען פון דעם אָרטיגען פּראָלעטאַריאַט בכלל. די מאַסען איינוואַנדערער קענען פאַר דער אָרטיגער אַרבייטערשאַפט ווערען חברים אין קאַמפּף געגען דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט, זיי קענען אָבער אויך ווערען פאַר׳ן אָרטיגען פּראָלעטאַריאַט אַ שטיין אויף זיין וועג אָדער אפילו אַקטיווע געגנער. בעוואָרענען, אַז די איינוואַנדערער זאָלען ניט שטעהען איינזאַם און הילפסלאָז געגען דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל, זיי זאָלען ניט אַרבייטען אין אונמענשליכע בעדינגונגען און פאַר אַ הונגער־לוין, זיי זאָלען ניט ווערען שטרייק־ברעכער און לוין־דריקער און ניט פערוואַנדעלט ווערען אין קרבנות פון אויסערגעוועהנליכער עקספּלואַטאַציע און אין מיטהעלפער פון אַזאַ עקספּלואַטאַציע, — דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע אויפגאַבען, וואָס זיינען נויטווענדיג כדי צו שיצען די איינגעוואַנדערטע מאַסען; זיי זיינען אין דערזעלבער צייט אויך דירעקט וויכטיג פאַר די דרינגענדסטע אינטערעסען פונ׳ם אַלטעגליכען קאַמפּף פון דעם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס.

ס׳איז איבריג דאָ זיך אָבצושטעלען אויף דעם רעסטריקשיעניסטישען שטאַנדפּונקט, לויט

*) דר. הערש: „די יודישע עמיגראַציע", צווייטער טהייל, צווייטע אבטיילונג, קאַפּיטעל 1 (ווילנא, פערלאַג „די וועלט", 1914).

וועלכען די אינטערעסען פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט קענען כלומרשט געשיצט ווערען דורכדעם, וואס מ'טרעט ארויס געגען די איינוואנדערער: ביי די אידישע ארבייטער אין אמעריקא האט ביז איצט דיעזע אידעע סיי ווי סיי געפונען זעהר וועניג מיטגעפיהל. שטעהען מיר אבער אויף אנאנדער שטאנדפונקט, האלטען מיר זיך פעסט ביי דעם פרינציפ, אז די אינטערעסען פון די איינוואנדערער זיינען אין גרונד סאלידאר מיט די אינטערעסען פון דער גאנצער ארטיגער ארבייטערשאפט; האלטען מיר, אז די אמעריקאנער ארבייטערשאפט איז פעראינטערעסירט צו דערנעהנטערען די איינוואנדערער צו זיך, מעגליכסט ברייטער אריינצוציהען זיי אין די ארטיגע ארבייטער־ארגאניזאציעס און אין די ארטיגע בעוועגונג, צו פאדערען פאר זיי א רעכטליכען שוץ געגען די קאפיטאליסטען וואס ספעקולירען אויף זייער דלות, אונוויסענקייט, און פרעמדקייט אין דער מדינה, צו ארגאניזירען פאר זיי ארבייטס־נאכוועיז און ארבייטס־פערמיטלונג, אויפצוהויבען זייער קולטורעלע און סאציאלע לאגע און ז. וו., — דאן דארפען מיר אנערקענען, אז די אינטערעסען אי פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט אי פון די איינוואנדערער וועלען אם בעסטען פערטיידיגט ווערען, ווען עס זאלען אין דיעזער הינזיכט צוגעפאסט ווערען די טעטיגקייט פון די ארבייטער־ארגאניזאציעס, וואס זיינען פאראן אין אמעריקא, צו דער טעטיגקייט פון די ארבייטער־ארגאניזאציעס אין די אויסוואנדערונגס־לענדער, ספעציעל אין רוסלאנד.

די ארבייטער־ארגאניזאציעס אין רוסלאנד דארפען פעריאדיש אינפארמירען די ארבייטער, וואס האלטען ביים עמיגרירען, וועגען דעם ארבייטס־מארק אין אמעריקא, כדי אויף אזא אן ארט אויסצומיידען די וואנדערונג אהין, וואו די ארטיגע ארבייטער שטעהען צ. ב. אין סטרייק, אדער וואו דער אנבאט פון ארבייטס־קראפט אין א געוויסען פאך איז שוין אזוי גרויס, אז אימיגראנטען וואלטען קענען געפינען דארטען בעשעפטיגונג בלויז פאר קליינע שכירות, אראבדריקענדיג דערביי דעם לוין פון די ארטיגע ארבייטער. כדי די רוסלענדער ארבייטער־ארגאניזאציעס זאלען אבער דאס קענען פערווירקליכען, איז נויטווענדיג, אז די אמעריקאנער ארבייטער־ארגאניזאציעס זאלען זיי וועגען דעם באצייטענס אינפארמירען. די אידישע ארבייטערשאפט אין אמעריקא — דא האנדעלט זיך דאך וועגען אידישע וואנדערער — דארף שאפען אין ניו־יארק א צענטראלע אינפארמאציאנס־ביורא פאר אימיגראנטען, און אלע ידיעות, וואס דאס ביורא פערמאגט וועגען דעם צושטאנד פונ'ם ארבייטס־מארק אין די פראפעסיעס, מיט וועלכע עס זיינען אם מייסטען בעשעפטיגט די אידישע וואנדערער, דארפען ניט נור געגעבען ווערען די אימיגראנטען בעת זיי זיינען שוין אין ניו־יארק, נאר די דאזיגע ידיעות דארפען אויך איבערגעשיקט ווערען צו די ארבייטער־ארגאניזאציעס אין רוסלאנד און גאליציען.

איך וויל דא ניט זאגען קאנקרעט, וועלכע אמעריקאנער ארבייטער־ארגאניזאציע זאל אויף זיך נעהמען די דאזיגע אינפארמירונגס־ארבייט: די אמעריקאנער גענאסען וועלען עס וויסען אהן אן ערך בעסער פאר מיר. אז די אידישע ארבייטערשאפט פון אמעריקא איז אימשטאנד עס צו פערווירקליכען, קען, דוכט זיך, קיין ספק ניט זיין.

אין נאך אנדערע הינזיכטען, ווי צ. ב. כדי וואס בעסער אריינצוציהען די איינגעוואנדערטע אין די טרייד־יוניאנס און אנדערע ארבייטער־פעראיינען, וואלט די קאארדינירטע טעטיגקייט פון די אמעריקאנער און די רוסלענדער ארבייטער־ארגאניזאציעס אויך געקענט האבען ניט קיין קליינעם ווערטה. די רוסלענדער ארבייטער־ארגאניזאציעס וואלטען דאן געקענט געבען זייערע עמיגרירענדע מיטגליעדער און אנדערע ארבייטער, וואס וואלטען זיך ווענדען צו זיי, די פערבינדונגען אין אמעריקא, וועלכע זיינען אזוי נויטווענדיג יעדען ארבייטער, וואס קומט אין א פרעמדע געגענד מיט אונבעקאנטע לעבענס־ און ארבייטס־בעדינגונגען, און אויף אזא אן ארט וואלטען פיעלע עמיגראנטען באלד ביים אראבשטייגען פון שיף פערבונדען געווארען מיט דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט פון אמעריקא.

דער בעשלוס פונ'ם „בונד“ צו בעהאנדלען „די ארבייטער־פאליטיק אין דער עמיגראציאנס־פראגע“ אויף זיין איצטיגען צוזאמענפאהר, דארף אלזא געפינען ביי די טוער פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג ניט בלויז א פלאטאנישען מיטגעפיהל: איהם דארף אנטקעגען־קומען די פראקטישע מיטווירקונג, אהן וועלכער די בעסטע בעשלוסען פון דער ארגאניזירטער אידישער ארבייטערשאפט אין רוסלאנד וועלען נישט קענען געבען יענע רעזולטאטען, וואס זיינען אזוי נויטווענדיג ניט בלויז פאר דעם שוץ פון די וואנדערנדע פראלעטאריער, נור אויך פאר דעם אלטעגליכען פראלעטארישען קאמפף אין אמעריקא.

לעאָ דייטש

מאַרק נאַטאַנסאָן — דער אונפערגעסליכער, אבער פערגעסענער העלד

(פון דער סעריע: „אידען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג“)

צווישען די טהוער פון די 70־ער יאָהרען אין רוסלאַנד זיינען געווען בעגאַבטע מענשען, מערקווירדיגע פערזענליכקייטען, וועלכע זיינען ווייט און בּרייט בעריהמט געווען. מיר וועלען אָנרופען די נעמען: פעראָווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו, קראַפּאָטקין א. ז. וו. זיינען אָבער פאַרהאַן צווישען די טהוער און בעגאַבטע מענשען אַזעלכע, וואָס דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז זייערע נעמען זאָלען בּלייבען כמעט ווי אונבעקאַנט דעם היינטיגען דור. אָבער צו זייער צייט, מיט 30־40 יאָהר צוריק, זיינען זיי געווען פּונקט אַזוי פּאָפּולער און אפשר נאָך פּאָפּולערער פון די, וואָס האָבען זיך דערדיענט דעם כבוד צו פערבלייבען אין דער געשיכטע. איינער פון די האַלב־פערגעסענע טהוער פון יענעם יאָהרצעהנדליג איז מאַרק נאַטאַנסאָן.

אין אָנהויב און אין מיטען פון די 70 יאָהרען — ביז צו דער געבורט פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ אין 1879 — זיינען ביי דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער יוגענד בעזונדערס פּאָפּולער געווען די צוויי געוועזענע אָפיציערען סערגעי קראַווטשינסקי און דמיטרי ראָגאַטשאָוו, און צוויי געוועזענע ריכטער — סערגעי קאָוואַליק און פּאָרפירי וואינאַראַלסקי. וועגען זיי, וועגען זייערע טאַלענטע און מוט פלעגען ארומגעהן ממש לעגענדען. אָבער עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז ווען מאַרק נאַטאַנסאָן האָט זיך בעוויזען אין מיטען פון די 70־ער יאָהרען, האָט ער פערשטעלט מיט זיך זיי אַלעמען. קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט אַזאַ איינפלוס און אַזאַ מאַכט ווי מאַרק נאַטאַנסאָן פאַר א משך פון א פּאָאַר יאָהר צייט. ניט בלויז צווישען די אידישע סאָציאַליסטען, נור צווישען די סאָציאַליסטען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע זיינען ביי יענער צייט ארויסגעטרעטען, האָט ער, אָהן צווייפעל, פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ.

יעדער געבילדעטער מענש ווייס, וואָס פאַר א ראָלע עס האָט געשפּיעלט אין דער דאָמאָלסדיגער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג די געזעלשאַפט פון די „טשאַיקאָווצעס“, אָבער זעהר ווייניג ווייסען, אַז דער ה ו י פּ ט ־ ג ר י נ ד ע ר פון דער געזעלשאַפט איז ניט געווען ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי, פון וועמען די געזעלשאַפט האָט בעקומען איהר נאָמען, נור דער 20־יעהריגער אידישער בחור, דער סטודענט פון דער מיליטער־מעדיצינישער אַקאַדעמיע, מאַרק נאַטאַנסאָן. ער האָט געלעגט דעם גרונדשטיין פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכער עס זיינען ארויסגעקומען די אויבען דערמאָהנטע און אויך פיעלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערען. און שפּעטער האָט זיך א דאַנק איהם אָרגאַניזירט א נייע געזעלשאַפט „זעמליאַ אי וואָליאַ“, וועלכע איז די מוטער פון 2 פּאַרטייען — „טשערני פּערעדעל“ און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“.

אָט פון די צוויי וויכטיגסטע פאַקטען איז צו זעהן, אַז זיין פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג דאַרף זיין גאָר אויבען־אָן. ווי אַזוי האָט דאָך געטראָפען, אַז ער איז כמעט פערגעסען געוואָרען? דאָס צו דערקלערען, וועל איך אייך מוזען איבערדערצעהלען, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג.

די בעוועגונג צו פערשפרייטען קולטור און אויפקלערונג.

קיינער פון די בעקאַנטע רוסישע רעוואָלוציאָנערען פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז ניט אויף אַמאָל געוואָרען א רעוואָלוציאָנער. פון אָנפאַנג האָט יעדער פון זיי פּרובירט העלפען דעם אונטערדריקטען פּאָלק אויף א געזעצליכען אופן. ערשט די פערפאָלגונגען פון דער רעגיערונג האָבען זיי אַלעמען איבערצייגט, אַז דער געזעצליכער וועג איז אין רוסלאַנד אונמעגליך. אויס אייגענער ערפאַהרונג דערוויסט זיך יעדער פון זיי, אַז מיט וואָס פאַר א פריעדליכע מיטלען ער זאָל ניט אָנגעהן אין זיין אַרבייט, ווי באַלד די כונה זיינע איז דעם פּאָלק'ס טובה, וועט ער מוזען סוף כל סוף קומען צו א צוזאַמענשטויס מיט דער רעגיערונג. און ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז ער נעהמען טראַכטען וועגען א ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, און אַזוי

ווערט ער אַ רעוואָלוציאָנער. דיזעלבע ענטוויקלונג האָט דורכגעמאַכט מאַרק נאַטאַנסאָן.

אַ זוהן פון אַ קאָוונער קויפמאַן, האָט ער געענדיגט די דאָרטיגע גימנאַזיע אין 1868 און איז אוועק קיין פעטערבורג אום אָנצוקומען אין דער מיליטער־מעדיצינישער אַקאַדעמיע. דאָרט האָט ער זיך בעפריינדעט מיט צוויי סטודענטען טשאַיקאָווסקי און סערדיוקאָוו, און זיי בעשליסען צוזאַמען צו גרינדען אַ פעראיין, אין וועלכען עס זאָלען אַריינגענומען ווערען די געבילדעטסטע, בעגאַבטעסטע, אָרענטליכסטע יונגע לייט. דער פעראיין זאָל אין זיך איינשליעסען דאָס בעסטע, דאָס אויסגעקליבענסטע וואָס רוסלאַנד פערמאָגט. דער קאַנדידאַט דאַרף זיין פריי פון יעדער פגימה. ביי דעם קלענסטען חשד — מעג כאָטש איינער פון די אַלטע מיטגליעדער זיין געגען איהם — ווערט ער פערבראַקירט.

אַ דאַנק הויפטזעכליך נאַטאַנסאָנ'ס אויסערגעוועהנליכער ענערגיע און אייזערנער פעסטקייט, האָט זיך איהם מיט זיינע צוויי חברים איינגעגעבען ענדע 1869 צו שאַפען אַזאַ פעראיין אין פעטערבורג, און אַזעלכע פעראיינען האָבען געזאָלט געשאַפען ווערען אין מאָסקווא, קיעוו, אָדעס א. ז. וו. אַזוי דאָס גאַנץ רוסלאַנד זאָל צוגעדעקט ווערען מיט אַ נעץ פון פעראיינען, וואָס וועלען בעשטעהן פון רוסלאַנד'ס עדעלסטע קינדער, וואָס אַלע צוזאַמען וועלען זיי אַרבייטען אויף אַ געזעצליכען, פריעדליכען וועג, צו הויבען די קולטור און די מאָראַל פון געבילדעטען טייל פון דער געזעלשאַפט.

און די געזעלשאַפט האָט אָנגעפאַנגען איהר פרוכטבאַרע טהעטיגקייט. די טהעטיגקייט איז בעשטאַנען אין פאָלגענדעם:

אין רוסלאַנד ערשיינען צווישען די מאַסען שלעכטע ביכער, אויך איינצעלנע גוטע, ווי לאַסאַל, דרעפער, דאַרווין, באַקל, א. ד. גל. די יוגענד וואַרפט זיך צו אַלץ, ווייס ניט וועלכע צו קויפען און וועלכע צו לעזען. דאַרף מען איהר אין דעם בעהילפיג זיין און זעהן, אַז צו איהר אין די הענד זאָלען אַריינפאַלען די בעסערע ביכער.

האָט מען גענומען קלייבען געלד — דורך זאַמלונגען, פאָרשטעלונגען און אַבענדען — ביז עס האָט זיך צונויפגעקליבען אַ גאַנץ היבשע סומע. האָט מען גענומען אָבקויפען צו רעדוצירטע פרייזען גאַנצע אויסגאַבען פון גוטע, ניצליכע ביכער, און דאַן פערזענליך, דורך די מיטגליעדער, אָדער דורך בעקאַנטע פונאַנדערטיילען זיי צו קאָסט־פרייז צווישען דער יוגענד, אַלע מאָל מיט דער אויסרעכנונג, אַז ביי יעדער אוניווערזיטעט, אָדער אַנדערער לעהר־אַנשטאַלט, זאָל זיך צונויפשטעלען אַ ביבליאָטעק פון פאָרטגעשריטענע ביכער.

דער פלאַן האָט זיך אויסגעצייכענט איינגעגעבען. עס איז ניט אַריבער קיין צוויי יאָהר, און יעדער יונגערמאַן, וועלכער האָט געזוכט זיך צו ענטוויקלען, האָט לייכט געקענט ערפאַהרען וואו די ביבליאָטעקען זיינען און קריגען צום לעזען די בעסטע, אינהאַלטסרייכסטע, פראָגרעסיווסטע ביכער. און די ביכער זיינען שוין געווען אַזוי אויסגעקליבען, אַז דער סיסטעמאַטישער לעזער האָט געמוזט ווערען אַן אויפגעקלערטער מענש, וועלכער לעבט ניט נור פאַר זיך, נור אויך פאַר זיין מיטמענשען — פאַר דעם אונטערדריקטען און בעליידיגטען. די ביבליאָטעקען האָבען אַגיטירט.

דיזער פלאַן קאָן זיך אונז אויסדרוקטען זעהר נאַאיוו, אָבער אין זיין צייט האָט ער פיעל אויפגעטהאָן פאַר דער אויפקלערונג פון רוסלאַנד. אין דעם פערוואָרפענסטען ווינקעל, וואו מען פלעגט לעזען נאַרישע און אַמאָל אויך שעדליכע ביכער, האָט מען איצט געקענט קריגען אַ בוך, וואָס זאָל אַריינטראָגען אַ געדאַנק, געבען אַ ציעל און אויפוועקען אַ פערלאַנג צו זיין אַן עהרליכער מענש.

נאַטירליך, דער רעגיערונג האָט גאָר ניט געשמעקט די סאָרט אויפקלערונג, אויף וועלכער זי האָט איהר הסכמה ניט געגעבען, און ווי נור זי האָט ערפאַהרען פון דער בעוועגונג, האָט זי גענומען איהר פערפאָלגען. און ווען זי איז דערגאַנגען, אַז דער אויפטהוער פון דעם איז דער סטודענט נאַטאַנסאָן, האָט זי איהם אַרעסטירט, און ניט קענענדיג איהם פער'משפט'ען לויט'ן געזעץ, ווייל זיין טהעטיגקייט איז געווען אין די גרענעצען פון געזעץ, האָט זי איהם אויפ'ן אַדמיניסטראַטיווען וועג דאָך פערפאַקט אין ווייטען צפון (1871). די ביבליאָטעקען, וואו זי פלעגט זיך דערוויסען, פלעגט זי קאָנפיסקירען און ווען ביי אַ הויזזוכונג פלעגען איהרע אַגענטען אויסגעפינען פון דעם סאָרט ביכער, איז כאָטש זיי האָבען געהאַט דעם הכשר פון דער צענזור, פלעגט זי זיי פערנעהמען און פערניכטען. אָבער די בעוועגונג האָט זיך ניט אָבגעשטעלט: פערקעהרט, זי איז אָנגעגאַנגען ווייטער, אויסשפרייטענדיג און פערטיעפענדיג איהרע ציעלען און אויפגאַבען.

די יאָהרען פון פערשיקונג.

פאַר די 5 לאַנגע יאָהר, וואָס ער איז געצוואונגען געווען צו פערברייגען ווייט פון פראַקטישען קאַמפף, איז נאַטאַנסאָן ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען, פערקעהרט, ער איז נאָך פעסטער ביי זיך געוואָרען, זיין ווילען האָט זיך פערהאַרטעוועט, ער האָט זיך אַלץ גע־

גרייט... א לעבען פול טהעטיגקייט האָט איהם ערוואַרט.

ער האָט די צייט ניט פערשוועגדעט אומזיסט, ער האָט פיעל זיך בעשעפטיגט, געלעזען און אויסגעאַרבייט פּלענער פאַר זיין צוקינפטיגער טהעטיגקייט. די הויפּט־זאָרג זיינע איז געווען אויפצוהאַלטען די אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז פון איהם געשאַפען געוואָרען אין פּעטערבורג. ער האַלט אין איין קאָרעספּאָנדירען מיט די חברים, וואָס זיינען אויף דער פריי. ער מונטערט זיי, זיי זאָלען ניט אָבלאָזען פון דער אַרבייט, זיי זאָלען זאַמלען די צושפּרייטע כוחות. ער האַלט זיך ביי זיי אין איין בעטען: „זעהט מיט אַלע מעגליכקייטען, אַז די חברים זאָלען זיך ניט צופאָהרען אין אַלע זייטען", און זיין שרייבען האָט געווירקט.

און ווייל זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגען די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען איבער זיך, טעאָרעטיש זיך פּאַרצובערייטען פאַר דיעזער אויפגאַבע. און דערפאַר, קען זיין, האָט ער זיך אויך ניט געאיילט צו שיידען זיך מיט זיין געצוואונגענעם לעבען אין וויסטען צפון־מדבר. ער מאַכט קיין פּראָבען ניט צו אַנטלויפען, כאָטש עס האָט איהם שטאַרק געצויגען אהין, צו די לעבעדיגע מענשען, וואו צו יענער צייט האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערשפּיעלען אַזעלכע אינטערעסאַנטע געשעהניסען. ניין, ער דאַרף קומען אהין פאָלקאָם צוגעגרייט, בעוואָפענט מיט אַלע מיטלען.

און אויך זיין יונגע פרוי, וועלכע ער האָט זיך גענומען, האָט איהם פערליכטערט דאָס לעבען. זי האָט איהם געגעבען כוחות אויסצוהאַלטען ביז'ן סוף. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיג מיידעל, אָלגאַ שלייסער, וועלכע האָט שפּעטער נאָך געלאָזט הערען פון זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. זי האָט אַנטייל גענומען אין נאַטאַנסאָנ'ס פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע, און זי האָט פרייוויליג געטיילט מיט איהם די פערשיקונג... דאָס אַלעס האָט איהם געהאַלטען אויפ'ן פּלאַץ.

וואָס האָט פּאַסירט פאַר דער צייט?

די פערפאָלגונגען פון דער רעגיערונג האָבען אויף נאַטאַנסאָנ'ס חברים געווירקט פּונקט פערקעהרט, ווי די רעגיערונג האָט עס געמיינט. זיי זיינען געוואָרען אַלץ מוטיגער און ענטשלאָסענער. זיי האָבען זיך שוין ניט בעגנוגענט מיט אויסקויפען די בעסטע אויסגאַבען, זיי פלעגען שוין אַליין, דורך אונטערגעשטעלטע פּערזאָנען, אַרויסגעבען מאַנכע ווערק. און זייער מיטגליעדערשאַפט איז אַלץ געוואַקסען. און דאָס אידעאַלסטע, דאָס טאַלענטפאָלסטע צווישען דער יוגענד האָט געהערט צו זייער אָרגאַניזאַציאָן. אַזוי, צ. ב. ש., אין פּעטערבורג: קלעמענץ, קראָפּאָטקין, פּעראָווסקאַיאַ, שישקאָ און אַנד.; אין מאָסקוואַ: טיכאָמיראָוו, מאָראָזאָוו, פּראַלענקאָ, לעבעדעווא; אין קיעוו: ברעשקאָווסקאַיאַ, אַקסעלראָד, סטעפאַנאָוויטש, קאַלאַדקעוויטש; אין אָדעס: וואָלכאָווסקי, זשעליאַבאָוו, טשודנאָווסקי און ז. וו.

דירעקט נאַטאַנסאָנ'ס אַרבייט האָבען איבערגענומען זיינע צוויי חברים — טשאַיקאָווסקי און סערדיוקאָוו. מיט אַ בעזונדערער ענערגיע האָט זיך אויסגעצייכענט דער ערשטער — טשאַיקאָווסקי. ער איז אַרומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט און האָט אַגיטירט פאַר דער פעראייניגונג פון אַלע יונגע קרעפטען. און פיעלע, וואָס האָבען ניט געקענט דעם אמת'ען גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציאָן מאַרק נאַטאַנסאָן, וועלכער איז שוין דאַמאָלס געווען פערשיקט, האָבען צוגעשריעבען דעם גאַנצען אויפטהו טשאַיקאָווסקי'ן, און נאָך איהם האָט מען אַ נאָמען געגעבען די גאַנצע בעוועגונג — די בעוועגונג פון די „טשאַיקאָווצעס". די דאָזיגע בעוועגונג איז דער קוואַל פון אַלע רעוואָלוציאָנערע רוסישע בעוועגונגען. די געשיכטע פערנעהמט זיך זעהר פיעל מיט איהר. דערפאַר מוזען מיר זאָגען, אַז נאַטאַנסאָנ'ען איז אַן אונרעכט געשעהן. נאַטאַנסאָן איז געווען דער אויפטהוער פון גאַנצען פּלאַן. ער האָט געהאַלטען אין איין וועקען און אָרגאַניזירען, אפילו זייענדיג אין פערשיקונג. און טשאַיקאָווסקי? ער איז געווען דער ערשטער און דער איינציגער, וועלכער האָט אין גיכען פערלאָזען די אָרגאַניזאַציאָן. ער איז פערקאָכט געוואָרען אין אַ נייעם פּלאַן און איז אַוועק מיט מאַליקאָוו'ען און פרעי קיין נאָרטה־אַמעריקאַ צו גרינדען דאָרט אַ קאָמונע אויף האַלב־רעליגיעזע פּרינציפּען. און זייט דאַמאָלט האָט ער זיך 30 יאָהר ניט צוריקגעקעהרט קיין רוסלאַנד און די בעוועגונג איז אַלץ געגאַנגען אויף זיין נאָמען, און ניט אויף נאַטאַנסאָנ'ס. און דאָס איז די גערעכטיגקייט פון דער געשיכטע!.. נור פערפאַלען: מיר וועלען זיך מוזען האַלטען אַן דעם טערמין און רופען נאַטאַנסאָנ'ס נאָכפאָלגער „טשאַיקאָווצעס".

* * *

פון אַרויסגעבען און פערשפּרייטען לעגאַלע ווערק, זיינען די „טשאַיקאָווצעס" אין גיכען איבערגעגאַנגען, געצוואונגען דערצו דורך די פערפאָלגונגען פון דער רעגיערונג, צו דער פערשפּרייטונג פון אונלעגאַלע ווערק, וואָס זיי פלעגען בעקומען גאַנצע פּעק אַלס קאָנטראַבאַנדע פון אויסלאַנד. שפּעטער האָבען זיי געגרינדעט אַן אייגענע רוסישע דרוקעריי אין דער שוייץ, וואו זיי האָבען געלאָזט דרוקען די ווערק פון זייערע אייגענע מיטגליעדער, ווי פון קלעמענץ, קראַווטשינסקי, איוואַנטשין־

פיסאַרעוו, טיכאָמיראָוו און אַנד., — אַלץ אַזעלכע ווערק, וועלכע וואָלטען בשום אופן ניט געקענט ערשיינען אין רוסלאַנד. אונטער דער צייט האָבען זיי אויך ביסלעכווייז גענומען איבערטראָגען זייער פראַפאַגאַנדא פון דער שטודירענדער יוגענד צו דער שטאָדטישער אַרבייטער־מאַסע.

פאַר דעם צוועק פלעגען די „טשאַיקאָווצעס“ דינגען וואוינונגען אין די פאַבריק־קוואַרטאַלען פון די גרויסע שטעדט, פערבינדען בעקאַנטשאַפטען און אויסקוקען די פאַסענדסטע פערזאָנען. און דיעזע אַרבייט זייערע איז פון אָנפאַנג אויך געווען א פריעדליכע. זיי זיינען אייגענטליך געווען אומזיסטע לעהרערס, וועלכע פלעגען לערנען מיט די אַרבייטער אַזעלכע אונשולדיגע זאַכען ווי רוסישע גראַמאַטיק, אַריטהמעטיק, געאָגראַפיע, געשיכטע. באַלד פלעגט זיך אָנהויבען אַ סדרה פון הויזזוכונגען און אַרעסטען. און דאָס פלעגט מאַכען די לעהרערס פאַר פראַפאַגאַנדיסטען און די אויפקלערער פאַר רעוואָלוציאָנערען, וועלכע גרייטען דאָס פאָלק צו א סאָציאַלער איבערקעהרעניש.

און אויפ׳ן זעלבען אופן זיינען די „טשאַיקאָווצעס“ אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבייט אין דאָרף. זיי פלעגען זיך דאָרט בעזעצען אַלס פאָלקס־לעהרער, לעהרערינס, דאָקטוירים, פעלדשערס. און די רעגיערונג פלעגט שוין טהאָן דאָס איבריגע און פערוואַנדלען די קולטור טרעגער אין רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען. אַזוי איז פון זיך אליין פערשפרייט געוואָרען א רעוואָלוציאָנערע נעץ איבער רוסלאַנד. און ווען אין אָנהויב פון די זיעבציגער יאָהרען האָט זיך אָנגעהויבען די בעוועגונג „אין פאָלק!“ און די יוגענד האָט זיך א לאָז געטהאָן אין די דערפער, זיך פערקליידענדיג אלס פויערים, זיינען די אָרגאַניזירטעסטע טיילנעהמער פון דער בעוועגונג געווען די „טשאַיקאָווצעס“ און זיי זיינען דאַרום געוואָרען די אָנפיהרער פון דער בעוועגונג.

ווי די רעגיערונג אליין האָט מודיע געווען האָט די פראַפאַגאַנדא ארומגעכאַפט 36 גובערניעס. עס איז געוואָרען א מהומה אין איהרע רייהען. און א פערצווייפעלטער קאַמפף, בושטעבליך אויף לעבען און טויט, האָט זיך אָנגעהויבען צווישען דער מעכטיגער רעגיערונג מיט איהר פאַליציי, זשאַנדאַרמעריע, קאַזאַקען און סאָלדאַטען און א פערהעלטניסמעסיג קליין הייפעלע אידעאַליסטען, וועלכע האָבען געגלויבט, אז באַלד קומט די צייט פון גלייכהייט. ברידערליכקייט, גערעכטיגקייט און גליק. דער רעזולטאַט פון אַזאַ אונגלייכען קאַמפף איז געווען לייכט פאָראויסצוזעהן. אויסער א פאָר, וואָס האָבען זיך צופעליג געראַטעוועט, זיינען די מייסטע „טשאַיקאָווצעס“ און די איבריגע סאָציאַליסטען צוכאַפט און צוזעצט געוואָרען אין יענע וואוילגעזיכערטע אַנשטאַלטען, וואָס געפינען זיך אונטער דער ליעבענסווירדיגער השגחה פון דער רוסישער רעגיערונג, ווי די פעטראָפאַוולאָווסקאַ פעסטונג, די „פרעדוואַרילקע“ אין פעטערבורג און פערשיעדענע אַנדערע געפענגניכע.

דער אידישער „איוואַן קאַליטאַ“.

און פון דער קאַלטער ווילדערניס, וואו נאַטאַנסאָן איז געווען פערוואָרפען, האָט ער נאָכגעפאָלגט די געשעהניסען, ווי ווייט דאָס איז מעגליך געווען דורך קאָרעספאָנדענץ און דורך זעהר זעלטענע פערזענליכע בעגעגנישען. פון דאָרט פלעגען קומען בשורות, אז אָט דער און אָט יענער פון זיינע חברים פאַלט אריין צו די זשאַנדאַרמען אין די לאַפעס און זייערע יונגע לעבענס רייסען זיך באַלד איבער; דעם האָט די קראַנקהייט אויפגעגעסען, יענער איז זעלבסטמאָרד בעגאַנגען. די גאַנצע אַרבייט, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען צוזאַמען, האָט געשיינט, איז געגאַנגען פערלאָרען. אָבער ער איז ביי זיך ניט געפאַלען. טיעף אין האַרצען האָט ער געגלויבט, אז ער וועט קומען, וועט ער ווידער אַלץ גוט מאַכען. און דער גלויבען איז ניט געווען קיין פאַלשער. אין איהם איז געווען פערבאָרגען א געוואַלדיגע אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט.

איך בין אַלט געווען א יאָהר ניינצעהן, ווען אין 1875 האָב איך צום ערשטען מאָל דערהערט, אז נאַטאַנסאָן איז צוריקגעקומען. נאַטאַנסאָן! — איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. ביי אונז, רעוואָלוציאָנערען, האָט מען וועגען דעם גערעדט, ווי וועגען א גרויסער פאַסירונג.

— ווער איז נאַטאַנסאָן? — פרעג איך ביי איינעם פון די עלטערע.

— אָה, דאָס איז א מערקווירדיגע פערזאָן — ענטפערט מיר, דאַכט זיך, סטעפאַנאָוויטש.

— מיט וואָס מערקווירדיג?

— ער קען אַזוי פערבינדען, פערקניפען מענשען — א געבאָרענער אָרגאַניזאַטאָר.

און אין גיכען, אָנהויב 1876, האָבען מיר, פון דרום־רוסלאַנד, די „דרומ׳ער“, געהאַט די געלעגענהייט איהם צו דערקענען. אָבער פריהער וועל איך דערצעהלען, וואָס ער האָט שוין געהאַט בעוויזען אויפצוטהאָן דאָרט, אין צפון.

* * *

ווען די 5 יאָהר גלות האָבען זיך פאַר איהם געענדיגט, איז ער ענדע 1875 אָנגעקומען אין פעטערבורג. ער האָט אָנגעטראָפען אַן אמת׳ען חורבן. פון די ווענינע, וואָס זיינען איבערגעבליבען, זיינען א טייל אוועק קיין

אויסלאַנד, א טייל האָט געלעבט בעהאַלטען אין רוסלאַנד — אונלעגאַל — א טייל האָט זיך גלאַט צוריקגעצויגען, איינזעהענדיג זייער שוואַכקייט געגען דער מעכטיגער רעגיערונג. עס האָט געהערשט טרויער און פערצווייפלונג. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווי אזוי מען נעהמט זיך דערצו, צו פעראייניגען די פערשפרייטע, גאַנץ צו מאַכען די צובראָכענע, ווי אזוי אריינצובלאָזען לעבען אין די טויטע הערצער. אָבער דאָס, וואָס קיינער איז ניט בכוח געווען צו טהאָן, האָט נאַטאַנסאָן געטהאָן.

זיין ענערגיע האָט ביינעקומען אַלע שטערונגען. אין א קורצע צייט האָט ער שוין געהאַט דעם פולען חשבון פון יעדען איינציגען, וואָס איז פערבליבען, פון יעדען נייעם, וואָס איז צוגעקומען, און מיט יעדען איינעם זוכט ער אריינצוטרעטען אין פערזענליכע בעציהונגען. אָהן אויפהער און אָהן אָבהאַלט טראָגט ער זיך איבער רוסלאַנד און אויסלאַנד און פערבינדט און פערקניפט. צו זיין ערפאָלג האָט אויך פיעל ביינעטראָגען דער פאָלגענדער פאַקט :

נאַטאַנסאָן האָט געהאַט א פראַקטישען חוש. ער האָט געוואוסט, אז אין אונזער וועלט קען מען אפילו די הייליגסטע אַרבייט ניט טהאָן אָהן געלד. און די ערשטע זאָרג זיינע איז געווען צו פערזאָרגען זיך מיט געלד־מיטלען. און דער בעריהמטער רוסישער סאָציאַליסט, דמיטרי ליזאָגוב, וועלכער האָט געקראָגען צוטרויען צו נאַטאַנסאָנ׳ס אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען, האָט איהם איבערגעגעבען זיין גאַנץ פערמעגען, וועלכער האָט בעטראָפען ביז 200,000 רובעל.

דאָס אליין, שוין ניט רעדענדיג וועגען נאַטאַנסאָנ׳ס פערזענליכע מעלות, איז שוין גענוג געווען, אז רעוואָלוציאָנערען זאָלען נעהמען איינער נאָכ׳ן אַנדערען צושטעהן צו איהם. יעדער, וואָס האָט זיך ארומגעטראָגען מיט עפעס א פלאַן, איז געגאַנגען צו איהם. פערשטעהט זיך, אז פיעלע פלענער זיינען געווען משוגענע, ווילדע. אָבער א פלאַן, וואָס האָט זיך נור געשיקט, פלעגט בעקומען זיין פולע צושטימונג און ער פלעגט איהם שטיצען מיט געלד. אויף אַזאַ אופן האָט זיך נאַטאַנסאָן דערוואוסט וועגען אַלע אונטערנעהמונגען, וואָס זיינען אין פאָרבערייטונג, און אין יעדער האָט ער געהאַט א טהייל, און דורך איהם זיינען זיי געוואָרען איינס. איז ער במילא געוואָרען דער אָנפיהרער, דער הויפט־אָנפיהרער, פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות.

און ווען נאַטאַסאָנ׳ען פלעגט זיך ניט איינגעבען אריינצוקריגען א געוויסע גרופע אין דער איינהייטליכער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געפלאַנט, האָט ער דאָך געזעהן אריינצוגעהן מיט איהר אין א פעדעראַטיווען אָבמאַך אָדער קריגען איהר צושטימונג פאַר א געוויסע אונטערנעהמונג אָדער אַרבייט. אזוי ארום זיינען דורך נאַטאַנסאָנ׳ען פערבונדען געוואָרען אַלע עקזיסטירענדע גרופען און אַלע טהעטיגע איינצעלנע פערזאָנען. די רעוואָלוציאָנערע מאַשין האָט גענומען אַרבייטען אָנגעצויגען פון נאַטאַנסאָנ׳ס קונציגער האַנד. נאַטאַנסאָן איז געקומען און האָט צונויפגעזאַמעלט די צושטרייטע קרעפטען. מיר האָבען איהם אין שפּאַס גערופען „איוואַן קאַליטאַ“ — דער זאַמלער, נאָך דעם נאָמען פון דעם אַלטען רוסישען פירסט, וועלכער האָט געזאַמעלט דאָס רוסישע לאַנד.

פערזענליך פלעגט ער מאַכען אַן אויסגעצייכענטען איינדרוק מיט זיין ערנסטקייט, געזעצטקייט און, דער הויפּט, מיט זיין אַלוויסענהייט. וועגען וואָס און ווען דו פלעגסט איהם ניט פרעגען, פלעגט ער געבען די פּינקטליכסטע, אויספיהרליכסטע ידיעות — וואו ער איז און וואָס ער טהוט. מיר האָבען דערפאַר געהאַט נאָך א צונאָמען פאַר איהם : „די געהענדע רעוואָלוציאָנערע ענציקלאָפּעדיע“.

דער נאָמען, וואָס איז איהם פאָראויסגעגאַנגען, פלעגט נאָך פערשטאַרקען דעם איינדרוק פון זיין פערזאָן. ער פלעגט נאָך צוציהען צו זיך מיט דעם, וואָס ער פלעגט יעדען איינעם אויסהערען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. און ווען אַן אַרבייט פלעגט זיך נור לאָזען טהאָן, פלעגט ער קיין געלד ניט זשאַלעווען. איך אליין האָב בעקומען ביי איהם א היבשע סומע אויף דער „טשיגירינער אפער“. אונזער פלאַן איז געווען, ווי בעוואוסט, אויפצובונטעווען די פויערים דורך א פאַבריצירטען צאַרסקען מאַניפעסט.

איך, סטעפּאַנאָוויטש און נאָך אַנדערע פון דרום, די „דרומ׳ער“ — מיר זיינען געווען „בונטאַרעס“. מיר זיינען אריין אין א פעדעראַטיווען אָבמאַך צוערשט מיט נאַטאַנסאָנ׳ען, שפּעטער מיט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געשאַפען אין פעטערבורג. איהרע מיטגליעדער האָבען מיה גערופען „נאַטאַנסאָנאָווצעס“, „צפונ׳ער“ אָדער גאָר „טראַגלאָדיטען“ — די אוראַלטע איינוואוינער פון די הייהלען, ווייל צו זיי איז געווען שווער צוצוקומען. אונזער אָבמאַך צו שטיצען איינע די אַנדערע אין רעוואָלוציאָנערע אונטערנעהמונגען האָבען מיר טריי געהאַלטען.

אויסער דער רעגולערער אַרבייט — צו אָרגאַניזירען דעם טראַנספּאָרט פון אונלעגאַלע ליטעראַטור — ווי די ווערק פון די בעריהמטע עמיגראַנטען — לאַווראָוו, באַקונין — און דעם זשורנאַל „ווּפּעריאָד“, זיינען פון די וויכטיגסטע אונטערנעהמונגען פון די „נאַטאַנסאָנאָווצעס“ געווען — דאָס אָרגאַניזירען פון פירסט קראָפּאָטקינס אנטלויפען פון מיליטער־

רישען האָספּיטאַל אין פֿריהלינג 1876, און דאַן — די דורכפֿיהרונג פֿון דער ערשטער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע אין דעצעמבער פֿון זעלבען יאָהר אויף „קאַזאַנסקאיא פּלאַשצאַד“ אין פּעטערבורג.

אָבער איהר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט האָט נאַטאַנסאָנס „צפון־אָרגאַניזאַציע“ געשאָנקען דער טעטיגקייט צווישען די שטאָדט־אַרבייטער און פּויערים. זיי האָבען פערוואָרפען די פריהערדיגע נאַאיווע מעטאָדען פון די „טשאַיקאָווצעס, פאַר וועלכע מען האָט מיט אַזוי פיעל יונגע לעבענס בעצאַהלט. זיי האָבען אויסגעאַרבייט נייע פּראָפּאַגאַנדאַ־מעטאָדען. „געהסטו צו פּויערים, ווער אַליין אַ פּויער“. עס איז ענטשטאַנען די בעוועגונג, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „נאַראָדניטשעסטוואָ“. די „נאַטאַנסאָנאָווצעס“ זיינען דאָס געוועזען די ערשטע טעאָרעטישע בעגרינדער פון „נאַראָדניטשעסטוואָ“. אין דעם איז זייער בעדייטונג. די „נאַראָדניטשעסטוואָ“ האָט געהערשט אין רוסלאַנד ביז דער מאַרקסיזם איז אויפגעקומען און האַלט זיך נאָך איצט, נאַטירליך, מיט געוויסע ענדערונגען, אין דער טעאָריע פון די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען.

נאַטאַנסאָנס צווייטער אַרעסט.

כדי צו שטעלען זיך אין נעהענטערע פערבינדונגען מיט די „נאַטאַנסאָנאָווצעס“ און אויך צוליעב אנדערע ענינים בין איך מיט סטעפּאַנאָוויטשען אין פריהלינג 1877 געקומען קיין פּעטערבורג. מיר האָבען זיך בעזעצט אויף דער „קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר“ פון דער „צפון־אָרגאַניזאַציע“. דאָ האָבען מיר זיך מיט זיי בעקענט.

מיט די אייגענע אויגען האָבען מיר געזעהן, אַז פאַר דעם יאָהר מיט עטליכע מאָנאַטען, וואָס נאַטאַנסאָן איז געוועזען „אויף דער פריי“, האָט ער זעהר פיעל אויפגעטהאָן. ער האָט געשאַפען גאַר אַ נישקשה'דיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אַלס מיטגליעד אַזעלכע שפּעטער בעריהמט געוואָרענע פּערזאָנען, ווי פּלעכאַנאָוו, אָסינסקי, וויערא פיגנער, אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו, זונדעלעוויטש און ז. וו.

נאַטאַנסאָנ'ען אַליין האָבען מיר ניט געטראָפען. ער איז געוועזען אויף דער רייזע. ער האָט זיך געטראָגען איבער שטעדט און דערפער, אָבער זיין גייסט האָט געשוועבט איבער אַלעמען. ביי יעדער פראַגע: „אָט וואַרט, מאַרק וועט קומען!“

און מאַרק איז געקומען. און דאָ האָבען מיר איהם צום ערשטען מאָהל דערזעהן אין זיין קרייז. ער איז קוים אַלט געוועזען 27 יאָהר, אָבער דעם איינדרוק האָט ער געמאַכט פון אַ בעיאָהרענטען מענשען. שטענדיג פערטהאָן. דאָס געזיכט מיט'ן גרויסען בלאָנדען באָרד שמייכעלט קיינמאָל ניט. איך האָב בעמערקט, אַז קיינער האָט אין זיין אַנוועזענהייט ניט געלאַכט. מען האָט זיך געפיהלט אביסעל אנגעצויגען. אָבער לאַנג פלעגט ער ניט פערבלייבען — בלויז אויף אַ פּאָר מינוט.

פון פריה ביז שפּעט פערנומען מיט בעגעגענישען, אונטערהאַנדלונגען. ער איז דאָ און דאָרט און אומעטום. און שפּעט ביי נאַכט זיצען שוין און וואַרטען אויף איהם פערזאָנען, ווי אין עמפּפאַנג־צימער פון אַ וויכטיגען בעאַמטען. און פאַרטיג מיט די בעזוכער, זעצט ער זיך ערשט שרייבען בריעף. ער האַלט אויף פערבינדונגען מיט אַלע עקען רוסלאַנד. און אויף מאָרגען גאַנץ פריה איז ער שוין אויף די פיס.

ווי האָט ער דאָס געקענט אויסהאַלטען אַזאַ אנשטרענגונג! אַן אַנדערער וואָלט געפאַלען פון די פיס אין פערלויף פון אַ פּאָר מאָנאַטען. אין איהם איז געלעגען אַן אייזערנע גבורה. ער האָט אַלעמען אַנגעשטעקט מיט זיין מוט. אַלע האָבען געאַרבייט. פון דער פריהעריגער אבגעלאָזענקייט ניט קיין שפּור. גלויבען האָט פול געמאַכט די הערצער. אין דער לופטען האָט זיך געפיהלט, אַז עס קומט די גרויסע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע.

און פלוצלינג אָנהויב יולי ווערט נאַטאַנסאָן אַרעסטירט. אַ שפּיאָן האָט איהם דערקענט אין גאַס און איהם אָבגעשטעלט. נאַטאַנסאָן האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין געזיכט און זיך געלאָזען לויפען. אָבער ער איז געכאַפּט געוואָרען. אַלס וויכטיגען פערברעכער, האָט די רעגיערונג איהם פערשפּאַרט אין „פּעטראָפּאַוולאָווסקאַ“ פעסטונג.

געפענגנים און נאָך אַמאָל פערשיקונג.

דריי יאָהר האָבען דער פּראָקוראָר און די זשאַנדאַרמען איהם געקוועלט אין פעסטונג. אָבער ווי זיי האָבען זיך ניט געמאַרטערט האָבען זיי קיין בעווייזע געגען איהם ניט געקענט קריגען. און זיי האָבען זיך געמוזט ווידער אַמאָל בענוגענען מיט פערשיקען — דאָס מאָל שוין אין מזרח־סיביר.

אַזוי איז דער ענערגישער מענש ווידער אָבגעריסען געוואָרען פון לעבעדיגער טהעטיגקייט. און בעת דאָרט אין רוסלאַנד האָט געקאָכט און געשטורמט, האָט ער געמוזט זיצען מיט געבונדענע הענד אין אַ פינסטערן העק פון ווייטען סיביר. אָבער די אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געגרינדעט, איז ניט אונטערגעגאַנגען. אין אַ יאָהר אַנדערהאַלבען נאָך נאַטאַנסאָנ'ס אַרעסט שאַפט זי זיך איין אַ געהיימע דרוקעריי און נעהמט אַרויסגעבען אַ צייטונג „זעמליאַ אי וואָליאַ“ (ערד און פרייהייט), און נאָך דעם נאָמען פון דער צייטונג האָט די

ארגאַניזאַציע זיך גענומען רופען „זעמליע־וואָלצעס".

די טאַקטיק פון די „נאַטאַנסאָנאָווצעס" האָט זיך דערווייל געענדערט — זיי האָבען אָנגענומען אַלס שוצמיטעל געגען די פערפאָלגונגען פון דער רעגירונג — טעראָר. מיט די ווי־דעכטע פערטרעטער פון דער רעגירונג האָט מען געמאַכט אַ קורצען משפט. אַזוי האָט קראַווטשינסקי מיט דער הילף פון באַראַנניקאָוו און אדריאַן מיכאַילאָוו, אין זומער 1878, געטויטעט דעם ערגסטען לאַקיי פון צאַר, דעם זשאַנדאַרמען שעף גענעראַל מעזענצעוו. דאַן איז געמאַכט געוואָרען אַן אַטענטאַט אויף מיזענצעוו'ס נאָכפאָלגער גענעראַל דרענטעלן און שפּעטער אויף'ן צאַר גופא. און די אַטענטאַטען האָבען זיך אַלץ געמעהרט. עס איז געקומען אַ פעריאָדע פון טעראָר. און די אָרגאַניזאַציע „זעמליא אי וואָליא" האָט זיך געשפּאַלטען: זי האָט זיך צוטיילט אויף „נאַראָדנאַיאַ וואָליא, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציעל דורך קייזער־מאָרד ברייגגען די געווינשטע ענדערונג אין פּאָליטישען און עקאָנאָמישען סיסטעם פון רוסלאַנד, און אויף „טשערני פּערעדיעל", וועלכע איז געבליעבען טריי דעם אַלטען פּראָגראַם פון די נאַראָדניקעס. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט אָנגעפיהרט אַ קורצען, אָבער העלדישען קאַמפף, וואָס האָט ארויסגערופען די בעוואונדערונג פון דער גאַנצער וועלט, און נאָך עטליכע פערצווייפעלטע פערזוכען האָט זי דורכגעפיהרט דעם קייזערמאָרד. זי איז אָבער ענדליך אומגעקומען פון אויסצעהרונג. און „טשערני פּערעדיעל" האָט אויך גאָרנישט ממשות'דיגעס אויפגעטהאָן. דערפאַר אָבער איז פון דעם „טשערני פּערעדיעל" ארויסגעוואַקסען די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע, מיט פּלעכאַנאָוו'ן אין דער שפּיץ — די גרופּע „בעפרייאונג פון ארבייט".

אַזוי זיינען פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס נאַטאַנסאָן האָט געגרינדעט אין די 70ער יאָהרען, ארויסגעקומען אַ ל ע ש פּ ע ט ע ר ע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אָבער ער האָט זיך דאַמאַלס געפונען אָדער אונטער שלאָס און ריגעל אָדער אין קאַלטען ווייטען סיביר. דערפאַר איז זיין נאָמען ביי פיעלע ניט פערבונדען מיט דער בעוועגונג פון ענדע 70ער און אָנהויב 80ער יאָהרען — און דאָס איז דאָך געווען די עפּאָכע, וואָס האָט געשאַפען די בעריהמטהייט פון פיעלע נעמען.

אויף דאָס מאָל האָט נאַטאַנסאָן ניט גע־פּרובט אַנטלויפען. ער האָט מסתמא איינגעזעהן, אַז די בעדינגונגען אין רוסלאַנד זיינען ניט גינסטיג פאַר אָרגאַניזאַטאָרישער ארבייט.

און ווירקליך נאָך דער הינריכטונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען האָט די געזעלשאַפט אַ שטיקעל צייט געהאָפּט אויף קאָנסטיטוציע, אָבער באַלד האָט זי זיך געמוזט געזעגנען מיט אַלע האָפנונגען. עס איז אָנגעקומען די פינסטערסטע רעאַקציע. די מעהר אָדער וויינייגער פאַרטגעשריטענע עלעמענטען זיינען אומגעקומען אין די קאַטאָרגעס פון סיביר און סאַכאַלין. אַ קליינע גרופּקעלע בלויז האָט זיך געראַטעוועט קיין אויסלאַנד. און ביי אַזעלכע אומשטענדען וואָלט אפילו אַ נאַטאַנסאָן גאָרנישט געקענט מאַכען. און 10 יאָהר איז זיין ענערגיע געשלאָפען. 10 יאָהר האָט נאַטאַנסאָן זיך ארומגעוואָלגערט איבער די אין שנעע בעגראָבענע, פון גאָט און לייט פערגעסענע דערפלאַך פון די פערוואָרפענסטע און ווייטסטע ווינקלען פון סיביר.

נאַטאַנסאָן גרינדעט אַ נייע פּאַרטיי.

ערשט אין 13 יאָהר ארום נאָך זיין אַרעסט, אָנהויב 1890, האָט נאַטאַנסאָן בעקומען די מעגליכקייט צוריקצוקעהרען זיך קיין רוסלאַנד, אָבער אָהן דאָס רעכט צו וואוינען אין די הויפּטשטעדט. ער האָט אויסגעקליבען סאַראַטאָוו.

די יאָהרען האָבען ניט אָבגעשוואַכט זיין ענערגיע. ער איז געווען דערזעלבער, מיט דערזעלבער וואונדערבאַרער פעהיגקייט צוצוציהען מענשען און אויסצוגעפינען מיטלען. און ער נעהמט זיך ווידער פאַר דערזעלבער ארבייט צוזאַמענצונעהמען די צושפּליטערטע קרעפטען און צו בויען אַן אָרגאַניזאַציע.

ער האָט אַלעס געמוזט אָהויבען פון דאָס ניי. און כאָטש ער איז געווען אונטער פּאָליציי אויפזיכט, ענטוויקעלט ער אַ ברייטע טהעטיגקייט. ער שאַפט זיך פערבינדונגען צווישען דער ברייטער געזעלשאַפט, צווישען דער יוגענד און אויך צווישען פּויערים און ארבייטער. דיעזע פעראייניגונגס־ארבייט האָט ער דורכגעפיהרט אין די גרעסטע שטעדט אויף דער וואָלגאַ—סאַראַטאָוו, סאַמאַראַ און ניזשני־נאָווגאָראָד. אין 1892 לאָזט ער זיך אוועק אין פּעטערבורג און ציעהט ארייין די בעדייטענדסטע רוסישע שרייבער מיט דעם בעריהמטען מיכאַילאָווסקי אָן דער שפּיץ. און נאַטאַנסאָן שאַפט שוין אַ נייע אָרגאַניזאַציע — די דריטע, — וועלכע נעהמט אָן דעם נאָמען „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ", — די פּאַרטיי פון פּאָלקס־רעכט.

די מייסטע, וואָס זיינען ארייינגעטרעטען אין דער נייער אָרגאַניזאַציע, זיינען געווען פריהער „נאַראָדניקעס" אָדער „נאַראָדאָוואָלצעס" — דאָס מיינט סאָציאַליסטען. אָבער דאָך האָט מען בעשלאָסען, אַז מען וועט דערווייל זיך פערגעסען וועגען סאָציאַליזם און מען וועט זיך בענוגענען מיט דער פאָדערונג פון אַ קאָנסטיטוציע. זיי האָבען געהאָפּט, אַז

אויף אַזאַ אופן וועט זיי געלינגען צוצוציהען און פעראייניגען אַלע פּאָרטגעשריטענע עלעמענטען אין רוסלאַנד. זיי האָבען אויסגעאַרבייט אַ פּראָגראַם, וואָס האָט ענטהאַלטען די פאָדערונגען: פרייהייט פון אַלע גלויבענס, גלייכבערעכטיגונג פון אַלע נאַציאָנען, וואָס בעוואוינען רוסלאַנד. און די אָרגאַניזאַציע האָט שוין אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט וועגען איהרע ציעלען און אויפגאַבען.

די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ גאַנץ היבשע. זי האָט פערמאָגט אַ געלד, אַ פערבינדונגען, אַ געהיימע דרוקעריי. מען האָט זיך שוין געקליבען אַרויסלאָזען דעם ערשטען נומער פון אַ געהיימער צייטונג — „נאַראָדנאַיע פּראַוואָ“. פּלוצלינג האָט די אונטערנעהמונג געפּלאַצט. אין פריהלינג 1894 זיינען אין פיעלע שטעדט געמאַכט געוואָרען אַרעסטען און די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך נאָך ניט פּאָלקאָם געהאַט איינגעשטעלט, איז חרוב געוואָרען. די מעהרסטע מיטגליעדער, צווישען זיי אויך נאַטאַנסאָן, זיינען אויפ׳ן אַדמיניסטראַטיווען אופן אַרויסגעשיקט געוואָרען קיין סיביר.

די דריטע פערשיקונג און די פערטע פּאַרטיי.

ווי וויט נאַטאַנסאָן האָט זיך געקענט שאַפען פערבינדונגען, בעווייזט אָט אַזאַ מין פאַקט: ביים אַרעסט האָט מען ביי איהם געפונען וויזיטען־קאַרטלעך פון גאָר הויך־געשטעלטע פערזענליכקייטען, מיט וועלכע ער האָט אויפגעהאַלטען די בעסטע בעציהונגען. און איינע אַזאַ הויך־געשטעלטע פערזענליכקייט האָט אַריינגעשיקט צום אירקוטסקען גענעראַל־גובערנאַטאָר אַ בריעף מיט אַ ביטע צו פּראָטעזשירען נאַטאַנסאָנען, ניט צו פערשיקען איהם צו וויט א. ז וו.

און דאָס מאָל האָט נאַטאַנסאָנען אָבגעגאָלטען. ער איז געוואָרען בוכהאַלטער אויף דער נייער אייזענבאַהן, וואָס האָט זיך געבויט אַרום באַיקאַל, מיט גאָר אַ הויכען געהאַלט. ער איז געווען זעהר אַנגעזעהן אין געגענד און האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס. פיעלע האָבען געזוכט זיין הילף. אָבער צופריעדען איז ער זעלבסטפערשטענדליך ניט געווען, ניט צו דעם האָט ער זיך געגרייט פון יוגענד אויף.

ווען זיין טערמין האָט זיך געענדיגט אין 8 יאָהר אַרום, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט קיין רוסלאַנד — צוערשט אין דרום־רוסלאַנד, ער האָט בעזוכט באַקו, און דאַן אויך אַנדערע שטעדט.

* * *

דאָס מאָל איז נאַטאַנסאָנען שוין ניט אויסגעקומען צו בויען פון דאָס ניי: ער האָט געפונען גאַנצע צוויי פּאַרטייען, און ער האָט זיך געראַרפט נור אויסקלייבען איינע פון זיי: די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. לויט זיינע געוואוינהייטען, טראַדיציעס, בעקאַנטשאַפטען און אַנשויאונגען איז ער געשטאַנען נעהענטער צו די ס. ר., און ער האָט באַלד פערנומען דעם אויבען־אָן אין זייער צענטראַל־קאָמיטעט.

אָבער דאָ האָט איהם דער חוש אָבגענאַרט: די פיהרענדע ראָלע אין דער רעוואָלוציע האָט געשפּיעלט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אָבער דער אַלטער נאַטאַנסאָן האָט נאָך איצט זיך געלאָזט דערקענען: דער אינסטינקט צו פעראייניגען לעבט אין זיין בלוט. און ער האָט ניט גערוהט ביז ער האָט אין 1905 צונויפגעבראַכט אויף אַ קאָנפערענץ די סאָצ.־דעמ., סאָצ. רעוו. און די ליבעראַלען — סטרובע און זיינע „אסוואָבאָזשדענצעם“.

און דאָ האָב איך זיך מיט איהם צונויפגעטראָפען — נאָך 28 יאָהר. אין דיזען גרייז־גראָהען אַלטען איז שווער געווען צו זעהן דעם יונגען, ענערגישען „איוואַן קאַליטאַ“.

און ניט נור אין זיין אויסערן אויסזעהן האָט ער זיך געענדערט, אויך דער גייסט איז געווען אַן אַנדערער. ייט געווען מעהר די אַמאָליגע ווירקונגס־קראַפט, די פעהיגקייט צו בעאיינפלוסען יענעם. פערקעהרט, איך האָב בעמערקט זעהר אַן אונסימפּאַטישען שטריך: דאָס סטאַרען זיך יענעם איינצונעהמען מיט גלאַטע רייד, אַרויסצוקריגען פון יענעם אַ הנחה ניט אויף אַ זעהר אויפריכטיגען וועג — אָט דאָס וואָס מען רופט דיפּלאָמאַטיע. פון די אונטערהאַנדלונגען מיט אונז סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזען. ביי די ליבעראַלען האָט ער יאַ וואָס גע׳פּועל׳ט. אַז מיר ס. ד. האָבען בעסער פערשטאַנען די סיטואַציע, ניט לאָזענדיג זיך איבעררעדען פון נאַטאַנסאָנען, האָבען די שפּעטערע געשעהעניסען בעוויזען: הינטער דער פּאַרטיי פון נאַטאַנסאָנען איז געשטאַנען אַזעף, דער אַגענט פון דער רוסישער רעגיערונג.

אויך דאָ האָט איהם זיין חוש אָבגענאַרט: ער איז געווען דער לעצטער אַנצוערקענען אַזעף׳ס פערראַט.

מיינע לעצטע, זעהר אָפטע, שטונדענלאַנגע בעגעגענישען מיט נאַטאַנסאָנען זיינען פאָרגעקומען אין יאָהר 1909—1910. מיר זיינען ביידע — יעדער פון זיין פּאַרטיי — געווען אויסגעקליבען אַלס ריכטער אין דער אונטערזוכונג וועגען פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט זיך אַריינגעקריבען צו אונז, ס. ד., דעם צאָהן־אַרצט באַטושאַנסקי, אויף וועלכען דער בעוואוסטער מענשציקאָוו האָט אָנגעצייגט.

דאָ האָב איך געהאַט נאָך מעהר געלעגענ־

היינט נאַטאַנסאָנען צו דערקענען. דאָס איז
שוין ניט דער מענש, וואָס אמאָל. ער האָט
זיך שטאַרק אָראָבגעלאָזען. מיר דוכט זיך, אַז
טייל־ווייז שולדיג אין דעם איז די פּאָזיציע,
וואָס ער האָט פּערנומען אין דער רעוואָלוציאָ־
נערער בעוועגונג.

ער, אין זיינע 64 יאָהר, איז נאָך אַליז
ענערגיש, אַרבייטספּעהיג. אָבער, אוי וועה,
ניט ער פיהרט, נור ער לאָזט זיך פיהרען, און
ער ווערט געפיהרט פון די טשערנאָוס, און
ווי מיר האָבען געזעהן אמאָל אויך פון אַן
אַזעף.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, אין דער רו־
סישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון אמאָל
האָט ער געשפּיעלט איינע פון די גרעסטע ראָ־
לען און אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלו־
ציאָנערער בעוועגונג וועט ער פּערנעהמען אַן
אנגעזעהענעם פּלאַץ.

מ. אבראַמאָוויטש

דער ברודער-קאַמפּף אין דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע

.5

די שפּאַלטונג: די „יאַנואַר־קאָנפערענץ“.

ווי מיר האָבען געזעהן, איז די שפּאַלטונג
פון דער פּאַרטיי אין אַ געוויסען מאָמענט גע־
וואָרען אַ לעבענס־אויפגאַבע פאַר דעם באָלשע־
וויסטישען קרייזעל. — און דערקענענדיג די דאָ־
זיגע אויפגאַבע זיינען זיי דרייסט אַוועקגעגאַנ־
גען צו זייער ציעל. פאַר אַלעם, האָבען זיי אראָב־
געוואָרפען פון זיך אַלע אַלטע פּאַרטיי־פערפליכ־
טונגען און האָבען ערקלערט אַלע פריהערדיגע
פּאַרטיי־אָבמאַכען (בנוגע צו פּאַרטיי־געלד און
ד. גל.) אלס ניט גילטיג. די אַלגעמיינע פּאַרטיי־
איינריכטונגען, וואָס זיינען נאָך געבליבען פון
די אַלטע צייטען, האָבען זיי פערניכטעט און
אנשטאַט זיי, ניט רעכענענדיג זיך אין גאַנצען
מיט דעם סטאַטוט פון דער פּאַרטיי און מיט די
פּאַרטיי־געזעצע געשאַפען אייגענע איינריכטונ־
גען. די דאָזיגע אונגעזעצליכע שריט זייערע האָ־
בען ארויסגערופען דעם שאַרפסטען פּראָטעסט
פון אַלע גרויסע אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען
פון דער פּאַרטיי (נור די פּוילישע ס.־ד. האָבען
זיי געשטיצט). אָבער דאָס האָט ניט אָבגעשטעלט
די „שפּאַלטער“. זיי האָבען אַליין אוועקגעשטעלט
אויפ'ן קאָרט און האָבען זיך ענטשלאָסען נאָך
אויף אַ גרעסערע דרייסטקייט: זיי האָבען
ערקלערט, אַז זיי רופען צוזאַמען אַ ן אַ ל ג ע־
מ י י ן־ר ו ס י ש ע פּ אַ ר ט י י־ק אָ נ־
פ ע ר ע נ ץ. עס האָט זיך אָבער גלייך אַרויס־
געוויזען, אַז זיי האָבען די שטימען אויף דער
קינפטיגער קאָנפערענץ איינגעטיילט אַזוי, אַז
זיי האָבען זיך גענומען מעהר ווי אַ העלפט פון
אַ ל ע שטימען, ד. ה. זיי האָבען זיך גאַראַנ־
טירט די מערהייט אַ פ ר י ה ע ר! פערשטעהט
זיך, אַז ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָט קיין איינ־
ציגע פון די גרויסע אָרגאַניזאַציעס ניט געקאָנט
קומען צו דער קאָנפערענץ און אפילו זייערע
טרייע גענאָסען און מיטהעלפער, די פּוילישע
ס.־ד., האָבען זיך אויך געמוזט ענטזאַגען פון
די באָלשעוויסטישע „שפּאַלטער“. האָבען זיי
געמאַכט אַ שטילע חתונה פאַר זיך און פאַר אַ
פּאָאר פערבלאָנדזשעטע „פּלעכאַנאָווצעס“. אָבער
דאָס האָט זיי ניט געשטערט אָנרופען זיך
„אַלגעמיין־רוסלענדער פּאַרטיי־קאָנפערענץ“ און
אויסצוקלייבען אַ צ. ק. פון דער „רוסלענדער
פּאַרטיי“. מיט אַנדערע ווערטער, זיי האָבען
ערקלערט, אַז די פּאַרטיי — זיינען ז י י, און
ווער עס וויל אריין אין דער פּאַרטיי — מוז
אָנקומען צו זיי און זיך אונטערוואַרפען זייער
הערשאַפט“.

אָבער ניט אַלעמען האָבען זיי דאָס פּאָר־
געלעגט. די ליקווידאַטאָרען זיינען ערקלערט
געוואָרען פאַר נ י ט ס.־ה., פאַר „פרעמדע“
און די באָלשעוויסטישע קאָנפערענץ (אין יאַ־
נואַר 1912) האָט פ ע ר ב אָ ט ע ן זייערע
אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס אפילו צו שליסען אָב־
מאַכען בשעת די וואַהלען „מ י ט נ י ט ס.־ד.
ג ר ו פּ ע ס“ (ווי צ. ב. די „ליקווידאַטאָרען“
און ד. גל.).

אַזוי איז דורכגעפיהרט געוואָרען די שפּאַל־
טונג. אין דעם מאָמענט איז דער אויסלענדי־
שער שטאַב פון די באָלשעוויקעס געווען כמעט
אין גאַנצען איזאָלירט. שוין ניט רעדענדיג
וועגען די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, האָבען
אפילו אַ טייל פון די רוסלענדער ב אָ ל ש ע־
ו ו י ק ע ס ־ פּראַקטיקער ניט געוואַגט
אָפּען צו ערקלערען, אַז זיי זיינען אָנהענגער פון
לענינ'ס נייער טאַקטיק. אַזוי, צ. ב., אין דער
לעגאַלער באָלשעוויסטישער צייטונג (דעם נאָ־
מען ברענג איך ניט צוליעב פערשטענדליכע

טעמים) ווערט ערקלערט גלייך אין נומ. 1, אז די צייטונג שטעלט זיך אַלס הויפּט־אויפגאַבע צו פעראייניגען אַלע קרעפטען און ריכטונגען. דאָס איז דאָך אָבער גראַד דער היפּוך פון דעם, וואָס ס'האָט בעשלאָסען די „יאַנואַר־קאָנפערענץ".

.6

דער „אויגוסט־בלאָק".

אין דער צייט האָבען די לעטישע פּאַרטיי און דער „בונד" גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו גרינדען אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט (אָ. ק.) אויף צוזאַמענרופען אַן אמת'ע אַל־געמיין־רוסלענדער קאָנפערענץ. זיי האָבען ערקלערט, אַז יעדע אָרגאַניזאַציע אָהן אונטערשייד פון ריכטונג האָט דאָס רעכט אריינצושיקען איהרען א פערטרעטער אין דעם אָ. ק. און צו דער קינפטיגער קאָנפערענץ. עס דוכט זיך, קיין בעסערע געלעגענהייט האָט ניט געקענט זיין פאַר אַלע וואוילגעזאָנענע פּאַרטיי־עלעמענטען, אויב זיי וואָלטען אין דער אמת'ן געוואָלט אויפבויען די פּאַרטיי. אָבער די באָלשעוויקעס און זייערע מיטהעלפער האָבען גאָר ניט דאָס געהאַט אין זינען. דעריבער זייִנען זיי צו דער קאָנפערענץ (אין אויגוסט 1912) ניט געקומען. זייערע רוסישע פּראַקטיקער האָבען זיך אַ געוויסע צייט געוואַקעלט און געווען אונענטשלאָסען: זיי האָבען געוואָלט אָבוואַרטען! — וועט זיך די אויגוסט־קאָנפערענץ ארויסווייזען אלס א גרויסע מאַכט, וועלען זיי מיט איהר געהן. אז ניט — וועלען זיי בלייבען ביי לענינ'ען. אזוי האָבען זיך מסתמא געטראַכט אויך די פּ. ס.־ד., די „פּלעכאַנאָווצעס" און נאָך אַנדערע האַלב־באָלשעוויקעס, פאַר וועלכע זייער קלייזעל־אינטערעס איז שטענדיג געשטאַנען העכער פאַר דער פּאַרטיי.

לייִדער האָט די אויגוסט־קאָנפערענץ ניט געהאַט קיין פולען ערפאָלג. די איניציאַטאָרען, דער „בונד" און די „לעטען", האָבען געקענט גוט פאָרבערייטען זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס צו דער קאָנפערענץ, אָבער אין די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, אין מאָסקווע, סאַראַטאָוו א. ז. וו. האָבען זיי דאָך גאָרנישט געקאָנט אויפטהאָן. די „ליקווידאַטאָרען" זייִנען געווען שטאַרק אין פּעטערבורג, אָבער קיין גרויסע פערבינדונגען האָבען זיי אין די אַנדערע שטעדט פון רוסלאַנד ניט געהאַט. און אויסערדעם האָבען זיי זיך בעצויגען אין אָנהויב גאַנץ קאַלטבלוטיג צו דער גאַנצער זאַך: זיי האָבען נאָך אַלץ געהאַט קנאַפּ צוטרוי צו די פּראָבעס אויפצושטעלען די פּאַרטיי־איינהייט...

ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט די אויגוסט־קאָנפערענץ געהאַט זעהר א גרויסע בעדייטונג. קודם כל האָט זי פעראייניגט אַ גרויסע צאָהל קרעפטען. אויסער דעם האָט זי דייטליך בעוויזען פאַר דער גאַנצער וועלט ערשטענס, אז די אזוי גערופענע „ליקווידאַטאָרען" זייִנען ניט נור ניט קיין „פעררעטער", נור זייִנען גרייט צו אַרבייטען מיט אַלע איבריגע טיילען פון דער אַלטער פּאַרטיי אויף דעם באָדען פון דער ס.־ד. פּראָגראַם און טאַקטיק; צווייטענס, אז צווישען די פערשיעדענע טיילען פון דער פּאַרטיי, אפילו די לענינצעס אריינגערעכענט, זייִנען ניטאָ אַזעלכע פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות, וואָס זאָלען מאַכען אונמעגליך די פּאַרטיי־איינהייט און דריטענס, אז איין צד (די אויגוסט־קאָנפערענץ) איז שטענדיג גרייט צו געהן אויף פעראייניגונג. אָבער דער צווייטער צד האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. די שפּאַלטונג־אַרבייט האָט זיך געפיהרט סיסטעמאַטיש, פּלאַנמעסיג און נאָך מיט מעהר פייער.

די רעזאָלוציעס פון דער אויגוסט־קאָנפערענץ האָט מען אין די באָלשעוויסטישע צייטונגען פערדרעהט און פאַלש ציטירט. פון דער קאָנפערענץ גופא האָט מען געמאַכט חוזק. פאַר יעדען טייל פון דעם אויגוסט־בלאָק האָט מען אויף גיך צוזאַמענגעשטוקעוועט א ספּעציעלע בעשולדיגונג. וועגען די „ליקווידאַטאָרען" איז דאָך שוין אָבגערעדט: דאָס זייִנען, ווי בעוואוסט, פעררעטער און סטאָליפּינ'ס משרתים. דער „בונד" איז ערשטענס, „ליקווידאַטאָריש" און צווייטענס, בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטיש („קולטורעל נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע"! די וואַהלען פון יאַגעלאָ!); די „קאַווקאַזצעס" זייִנען אויך נאַציאָנאַליסטיש, ווייל זיי האָבען זיך אויך ארויסגעזאָגט פאַר קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און געפינען זיך אונטער דער פיהרונג פון „בונד". געגען די לעטען לאָזט זיך גאָרנישט אויסטראַכטען, ווייל זיי האָבען דאָך כמעט די שטאַרקסטע אונלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון גאַנץ רוסלאַנד — זעהט מען לכל הפּחות צו מאַכען ביי זיי א שפּאַלטונג, אויפהעצענדיג די וועניגער בעוואוסטזיניגע אַרבייטער געגען די פיהרער, וואָס זענען כלומרשט פערבעהאַלטענע „ליקווידאַטאָרען". אזוי האָט זיך געפיהרט סיסטעמאַטיש און איינגעשפּאַרט א גענוי דורכגעאַרבייטער פּלאַן: פערשרייען פאַר די רוסישע אַרבייטער איין טייל פון דעם „אויגוסט־בלאָק" נאָך דעם אַנדערען, אלס ניט ס.־ד., ארויסשטופּען זיי איינציגווייז פון דער פּאַרטיי און בלייבען „אַליינהערשער".

.7

דער „ערפאָלג" פון די לענינצעס.

ווי אזוי איז דאָס אָבער געקומען, אַז ביי דעם הייפעל באָלשעוויקעס האָט זיך געפונען גענוג דרייסטקייט און מיטלען, כדי אויסצואַרבייטען און פּרובען דורכפיהרען אין לעבען אַזאַ

מין פּלאַן? מיר האָבען דאָך געזעהן, אַז אויב ניט אַלע ריכטונגען זיינען צוגעשטאַנען צום „אויגוסט־בלאָק“, זיינען דאָך אָבער אַלע געווען געגען די „לענינצעס“. די מעשה איז געווען די, אַז אויב די אָרגאַניזירטע און בעוואוסטזיניגע עלעמענטען פון דער פּאַרטיי זיינען געווען געגען לענינים, האָט דער לעצטער אָבער געפונען א מעכטיגע שטיצע אין דער שטימונג פון די ברייטע ניט־אָרגאַניזירטע, האַלב־בעוואוסטזיניגע מאַסען.

דער רוסישער אַרבייטער איז א געבאָרענער ס.־ד. די אונגעהויערע ענטוויקלונג פון׳ם רוסלענדער קאַפּיטאַליזמוס דערוועקט ביי איהם דעם קלאַסען־אינסטינקט, דאָס געפיהל פון קלאַסען־שנאה, קלאַסען־אחדות און קלאַסען־מאַכט. די פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען מאַכען איהם רעוואָלוציאָנער, אָבער דאָס רוסישע לעבען גיט איהם ניט די מעגליכקייט צו ווערען א בעוואוסטזיניגער און אָרגאַניזירטער ס.־ד.

אין יאַנואַר 1905 איז ער, דער רוסלענדער, דער פּעטערבורגער מאַסאָוועראַרבייטער, געגאַנגען מיט האַפּאָנ׳ען, ווייל דער דעמאַגאָגישער גלח האָט פערשטאַנען צו בעריהרען די סטרונעס פון זיין קלאַסען־נשמה. אין די יאָהרען פון דער רעוואָלוציאָן האָט ער מיט א פולע ברוסט איינגעזאַפּט די לופט פון דער ס.־ד. תורה, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א מעכטיגע, ריעזיגע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט. אָבער די רעאַקציע האָט דעם פּראָצעס אָבגעשטעלט און דער רוסישער מאַסאָווער אַרבייטער איז נאָך אַלץ געבליבען א געבאָרענער ס.־ד. אָבער ניט א געוואָרענער ס.־ד. אין דעם יאָהר 1907 האָבען די גרעסטע פּעטערבורגער זאַוואָדען געשטימט בשעת די וואַהלען פאַר סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען, ווייל זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפען די דאַמאָלסדיגע טאַקטיק פון די ס.־ד. און זיי האָט זיך געדוכט, אַז די ס.־ר. זיינען „רעוואָלוציאָנערער“. אין די יאָהרען פון דער רעאַקציע האָבען די מאַסען זיך גלאַט פערהאַלטען פּאַססיוו. אינ׳ם יאָהר 1911־1912 האָט די ראָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע ווידער אָנגעהויבען צו דרעהען זיך. די לענאַ־געשעהנישען האָבען אויפגערודערט דאָס רוסישע פּראָלעטאַריאַט, און די מאַסען האָבען זיך דערוועקט צו א נייער אַקטיוויטעט, און ווידער, אַלס געבאָרענע סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

וואו האָבען זיי גענומען די נויטיגע ס.־ד. ערציהונג?

וואָלטען זיך אין דעם רוסישען לעבען בעשאַפען מיט א מאָל פרייע מעגליכקייטען צו גרינדען פעראיינען, פּאַרטייען — וואָלטען די דערוואַכטע מאַסען מיט א מעכטיגען שטראָם אריינגעצויגען זיך אין זיי, און וואָלטען דאָרטען דורכגעמאַכט די נויטיגע שולע. אָבער אונזערע „לעגאַלע“ מעגליכקייטען זיינען אַזוי קליין און שוואַך, אונזערע פּאָליטישע בעציהונגען זיינען אַזוי פערוויקעלט און שווער צו בעגרייפען! מען דאַרף האָבען א פעסטען און ענטוויקעלטען ס.־ד. בעוואוסטזיין, א גרויסע דיסציפּלין, אַן איינגעשפּאַרטע סיסטעמאַטישע טאָג־טעגליכע אַרבייט, כדי קענען ריכטיג אויסנוצען דאָס, וואָס דאָס רוסישע לעבען גיט און קען געבען דעם רוסלענדער אַרבייטער אין זיין קאַמפּף. און דאָס ס.־ד. בעוואוסטזיין, די ס.־ד. לעהרע — דאָס איז א געניאַלער אָבער זעהר שאַרפער, זעהר א קאָמפּליצירטער געוועהר. מען דאַרף זיך לערנען ריכטיג צו בענוצען איהם. אין מערב־איירןאָפּאַ לערנט זיך די מאַסע אי אין דער פּאָלקס־שולע אי נאָך מעהר אין דער אַרבייט גופא — דורך די מעכטיגע אָרגאַניזאַציאָנען, דורך די אונגעהויערע אַרמעע געלערנטע אָנפיהרער. ביי אונז איז דאָס אַלץ ניטאָ! דעריבער זיינען אונזערע ברייטע רוסישע מאַסען נאָך עד היום גרייט צו כאַפּען זיך פאַר איינפאַכערע, גראָבערע געוועהר: פאַר א „לאָם“, פאַר א שטיק אייזען, וואָס איז, דוכט זיך, אַזוי מעכטיג און אַזוי צוגעפּאַסט פאַר אַן אַרבייטער האַנד.

אָט אין דער שטימונג פון די מאַסען ליגט דער באָדען, וואָס איז געווען אַזוי גינסטיג פאַר דער דעמאַגאָגיע פון די „לענינצעס“!

די „ליקווידאַטאָרען“ זיינען געקומען צו דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דעם גאַנצען, פערוויקעלטען מאַרקסיסטישען אַפּאַראַט. זיי זיינען געקומען איהם לערנען, פיהרען. „דיינע אויגען זעהען בלויז צוויי פאַרבען — רויט און שוואַרץ — „מיר“ און „זיי“. דו האָסט אָבער א טעות. קוק זיך צו, אַנאַליזיר קאַלטבלוטיג, וועסטו דערזעהען אינ׳ם פּאָליטישען לעבען נאָך אַנדערע שאַטירונגען. אין פאַרבען דעריבער קען אונזער טאַקטיקע ניט זיין אַזוי איינפאַך, ווי דיר דוכט זיך!

דיר דוכט זיך, אַז אינ׳ם רוסישען לעבען איז דאָ נור א זשאַנדאַרם. א טעות! קוק זיך צו, אַנאַליזיר, וועסטו דערזעהען אינ׳ם מויער פון דער רוסישער רעאַקציע אפולע שפּאַלטען און ריצען. דעריבער אַנטלויף ניט, בעהאַלט זיך ניט „אונטער דער ערד“ — נור לערן זיך אויסצונוצען די אַלע לעכער אין דעם צאַרישען בנין.

„דו ביזט פול צאָרן, דיר דוכט זיך, אַז אויף אַלץ איז דאָ אַן ענטפער: שטרייקען, דעמאָנסטרירען, דערשמעטערען. איאיל זיך ניט, פערשווענד ניט דיינע כוחות דוקא אויף צו שטרייקען. עס זיינען דאָ פיעל אַנדערע פאָרמען פון קאַמפּף, וואָס זעהען אויסערליך אויס ניט אַזוי שאַרף, אָבער וואָס זיינען אין דער אמת׳ן א מאָל נאָך שטאַרקער און וויכטיגער“.

אזוי לערנענדיג און מוסר'נדיג שטרעבען די „ליקווידאטאָרען“ צו „אייראָפּעאיזירען“ די אַרבייטער־בעוועגונג, אריינפיהרען דעם ברויזענדען שטראָם אין פעסטע, מעכטיגע אָרגאַניזאַציאָנס־ברעגען.

גאָר אַנדערש האָבען געהאַנדעלט די „באָלשעוויקעס“. די איינפאַכקייט און דער עלעמענטארער כאַראַקטער פון דער מאַסאָווער אַרבייטער פּסיכאָלאָגיע איז פאַר זיי געוואָרען א ציעל און א געזעץ. דער אַרבייטער כאַפּט זיך פאַר א „לאָם“ — אויסגעצייכענט! האַלט שטאַרקער דעם „לאָם“, קלאַפּ מיט אַלע כוחות! דער אַרבייטער זעהט אַלץ איינפאַך — זעהר גוט, דאָס איז טאַקע זיין מאַכט, עס לעבע דער ק ל אַ ס ע ן־א י נ ס ט י נ ק ט! דער אַרבייטער רייסט זיך שטרייקען ביי יעדער געלעגענהייט — אדרבא, שטרייקט, ברידער, שטרייקט און שטרייקט! ניט בעלערנען און קריטיקירען דעם אַרבייטער, ניט אָבהאַלטען איהם, נור אונטערהעצען, ה נ פּ'נ ע ן, לויפען פ אַ ר איהם פאָראויס און אויף אַזאַ אופן איהם „אָנפיהרען“ — דאָס איז געווען די טאַקטיק פון די „לענינצעס“.

עס איז לייכט צו בעגרייפען, אַז ביי די א י צ ט י ג ע בעדינגונגען האָבען די „ליקווידאַטאָרען“ געקאָנט האָבען ערפאָלג גרעסטענטיילס נור ביי די אינטעליגענטערע, מעהר בעוואוכטזיניגע אַרבייטער. די לענינצעס אָבער — ביי די ברייטע, רעוואָלוציאָנער־געשטימטע, ווייניגער בעוואוסטזיניגע מאַסען.

א כיערקווירדיגע איראָניע פון רוסישען לעבען: די „ליקווידאַטאָרען“, וואָס זייער גאַנצער לעבען און אידעאַל איז מ אַ ס ע ן־אָרגאַניזאַציע, האָבען זיך פאַקטיש איינגעוואָרצעלט, אלס די פיהרער פון דעם בעוואוסטזיניגען ס.־ד. אַרבייטער־אַוואַנגאַרד, און די „לענינצעס“ — די פאַנאַטישע אָנהענגער פון דעם סאַמע שטרענגען פ אַ ר ט י י־סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, האָבען זיך אויסגעבילדעט אלס די פיהרער פון דער א ו נ אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר ה אַ ל ב־ס.־ד. מאַסע!*).

בשעת אויף דער גזועלשאַפטליכער סצענע זיינען געווען בלויז די אַקטיווסטע און ענטוויקעלטסטע אַרבייטער, האָבען אין פעטערבורג, אין די פעראיינען און יוניאָנס געהערשט די „ליקווידאַטאָרען“. אָבער וואָס מעהר די ברייטע, „גרויע“ מאַסען מיט זייער פעראיינפאַכטער באָלשעוויסטישער וועלט־אנשויאונג זיינען צוליעב דער אויפלעבונג אריינגעצויגען געוואָרען אין די פערשידענע לעגאַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס — אַלץ מעהר זיינען די „ליקווידאַטאָרען“ ארויסגעשטופּט געוואָרען. בשעת די וואַהלען (הערבסט 1912) האָבען די „ליקווידאַטאָרען“ געהאַט אין פּעטערבורג א מעהרהייט, אָבער אינ'ם יאָהר 1913 האָבען זיי איהר פערלאָרען. די „לענינצעס“ זיינען שטאַרק געוואָרען צווישען די ברייטע מאַסען און דאָס האָט זיי געגעבען אַלץ מעהר און מעהר מוט אין זייער צושפּאַלטונגס־אַרבייט.

וואָס האָבען געוואוסט די ברייטע מאַסען וועגען דער פּאַרטיי־געשיכטע? וואָס האָבען זיי פערשטאַנען אין די אַלע אינערע שפּאַלטונגען און ריכטונגען? און וועלכע מיטלען האָבען געהאַט די אַלע אַנדערע ריכטונגען, כדי צו פערטיידיגען זייער שטאַנדפּונקט? — א פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז ניטאָ; פרייע פערזאַמלונגען קען מען וועגען פּאַרטיי־טעמעס ניט מאַכען; צייטונגען? — לעזט אַן אַרבייטער נור א י י נ ע. און די לענינסקע צייטונג דרוקט קיין איין איינציגען וואָרט ניט, וואָס פאַסט איהר ניט, פעלשט ציטאַטען, פערשוויגט פרעמדע רעזאָלוציעס.

דער פּשוט'ער אַרבייטער וויל איינינקייט. אָבער אַז מען זאָגט איהם בפירוש, אַז די „אַנדערע“ זיינען בורזשואַ, פּעררעטער, אידישע נאַציאָנאַליסטען אָדער סטאָליפּינ'ס משרתים — גלויבט ער ז י י ן צייטונג אויפ'ן וואָרט און קלערט שוין ניט וועגען פעראייניגונג מיט אַזעלכע מיאוס'ע ברואים.

און אַלץ דרייסטער זיינען געוואָרען די „שפּאַלטער“ און האָבען זיך ענדליך גענומען צו דער איינציגער און טייערסטער אָרגאַניזאַציע, וואָס דער רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט פערמאָגט, צו דער ס.־ד. דומא־פראַקציע. ווי די שפּאַלטונג איז דאָרטען דורכגעפיהרט געוואָרען, ווייסט איהר שוין פון דעם אַרטיקעל פונ'ם חבר מאַקס גאָלדפאַרב*).

.8

וואָס וועט זיין ווייטער?

איצט שטעהען איינע געגען די אַנדערע 2 פאָלשטענדיג געטרענטע מחנות — וואָס וועט זיין ווייטער? קען ווערען ווען עס איז א שלום?

איך מוז זיך מודה זיין, אַז קיין גרויסער

*) נאָך מעהר: אזוי ווי די „לענינצעס“ האָבען געמוזט לעבען אין דעמזעלביגען רוסלאַנד, וואָס די „ליקווידאַטאָרען“, האָבען זיי, די פאַנאַטישע א ו נ ל ע ג אַ ל י ס ט ע ן, זייער גאַנצע ווירקונג אויף די אַנאַרכיסטישע מאַסען בעקימען ב ל ו י ז דורך ברייטע ל ע ג אַ ל ע מיטלען (צייטונגען, ס.־ד. דומאַ־פראַקציע), פערבונדען מיט א שוואַכע און זייניגע אונלעגאַלע אַרבייט, ד. ה. גענוי אויף דעמזעלבען וועג (פעראייניגונג פון לעגאַל און אונלעגאַל) וואָס זייערע געגנער, די געשוואָרענע „לעגאַליסטען“!

*) „צוקונפט“, יאַנואַר, 1914.

אָפּטימיסט בין איך אין דער בעציהונג ניט. אָבער איין זאַך איז פאַר מיר קלאָר: די שפּאַלטונג האָט ניט קיין ממשות'דיגע וואָרצלען אינ'ם לעבען פונ'ם רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט. א געוויסען ווידערשפּרוך צווישען דער שטימונג און טאַקטיק פונ'ם אַרבייטער־אַוואַנגאַרד און פון דער מאַסע איז פאַראַן אומעדום, אָבער ער ווערט אויסגעגליכען, ווייל ס'איז דאָ איין אָרגאַניזאַציע.

אָבער ביי אונז איז דער דאָזיגער ווידערשפּרוך פערגליווערט געוואָרען אין א פעסטע פאָרם פון 2 פּראַקציעס. דעם באָדען דערצו האָט געשאַפען דאָס פּלעצליכע אַריינדרינגען פון גרויסע מאַסען אין די ניט פאָרבערייטעטע און שמאָלע ראַהמען פון אונזער יונגער פּאַרטיי. דער שוואַכער פּאַרטיי־אָרגאַניזם קען ניט פאַרטיג ווערען מיט דער אונגעהויער מאַסע נייע שטאָף, וואָס איז אויף א מאָל אין איהם אריינגעקומען — און די דאָזיגע קינדער־קראַנקהייט פון אונזער בעוועגונג האָט אויסגענוצט די באָלשעוויסטישע דעמאַגאָגיע צוליעב איהרע ציעלען.

אָבער די קראַנקהייט ברענגט מיט זיך די רפואה. האָבען די ברייטע שיכטען פּעטערבורגער אַרבייטער, אַריינדרינגענדיג מאַסענווייז אין די לעגאַלע פעראיינען, ארויסגעשטופּט אונטער דער ווירקונג פון די לענינצעס די ליקווידאַטאָרישע טהוער — טו איז דאָס נור אויף א קורצע צייט. אָהן געניטע, ערפאַהרענע, בעוואוסטזיניגע פיהרער קען די אַרבייט ניט געהן. מוז מען מיט דער צייט ווידער אָנקומען צו די „ארויסגעשטופּטע“. אָדער עס ארבייטען זיך אויס פון די נייע מאַסען גופא ענטוויקעלטע אַרבייטער — ווערען זיי אָבער אויך ניט פיעל „בעסער“ ווי די „ליקווידאַטאָרען“ און הויבען אָן צו פערשטעהן, אז ביי די „לענינצעס“ איז ניט אַלץ כשורה! און אויב מען קען די מאַסען אויף א ווײַלע איינרעדען, אז א „ליקווידאַטאָר“ איז א „סטאָליפּינעץ“, טו דערזעהען זיי אָבער אין א צייט ארום, אָפּאַרבייטענדיג אין איין פעראיין מיט די דאָזיגע „בוגדים“, אז עס איז גאָר „ניט געשטויגען און ניט געפלויגען“.

אין איניגע פאַכען און זאַוואָדען קומען נאָך באָלשעוויסטיש־געשטימטע פרישע מאַסען און שטופּען ארויס די „ליקווידאַטאָרען“, אין די אַנדערע אָבער ציהט שוין דער שטראָם צוריק. מען בעמערקט דאָס דייטליך, ווען מען פערגלייכט די ציפערן פונ'ם יאָהר 1912־13 און 1913־14. עס פאַלט די צאָהל פון די באָלשעוויסטישע צייטונגס־לעזער, עס ווערט אָבגעשוואַכט דער געלד־שטראָם, וואָס איז געגאַנגען צו זיי פון די מאַסען און עס פערגרע־סערט זיך, פערקעהרט, די סירקולײשאָן פון די „מענשעוויסטישע“ צייטונגען. די „לענינצעס“ פערלירען ביסלעכווייז דעם באָדען, און דערצו האָבען מיטגעהאָלפען אויך זייערע פעהלערען, זייער אונערהערט פּרעכע טאַקטיק בשעת די שפּאַלטונג פון דער דומאַ־פראַקציע.

די „לענינצעס“ זיינען שטאַרק נור כל זמן זיי זיינען שטאַרק, ד. ה. זייער גאַנצע טאַקטיק איז בערעכענט אויף א פאָלשטענדיגען פערשלינגען דעם געגנער אין א קורצע צייט. געלינגט עס זיי — האָבען זיי געוואונען, פערציהט זיך אָבער דער קאַמפּף אויף לאַנג — האָבען זיי פערלאָרען.

איגנאָרירען פּאַרטיי־געזעצען, פּאַרטיי־גערעכטיגקייט, פערשרייען די געגנער אלס בוגדים — דאָס קען מען לאַנג ניט פּראַקטיצירען. זייער פּלאַן איז געווען — אויסנוצען די רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג פון די מאַסען, כדי צו פערניכטען דעם געגנער, צוטרעטען איהם מיט די פיס פון דער האַלב־בעוואוסטער מאַסע, אין דעם מאָמענט, ווען די מאַסע געהט בלינד נאָך די „שפּאַלטער“. וואָלט זיך דאָס איינגעגעבען, וואָלטען זיי געוואָרען זעלבסטהערשער, און זאָל דער צוטראָטענער געגנער שרייען „קאַראַול“. א זיעגער איז תמיד גערעכט! און די אַלע שוואַנקענדע האַלב־באָלשעוויקעס וואָלטען אויסגעפלאָכטען א לאָרבער־קראַנץ פאַר דעם זיעגער!

אָבער קוים האָט זיך דאָס ניט איינגעגעבען אינ'ם ערשטען מאָמענט, קוים האָט די מאַסע צייט ארומצוקוקען זיך, וועט זי קיינעם ניט „טרעטען“. קוים הויבט אָן די דעמאַגאָגיע צו שוואַנקען, קוים בעקומט זי דעם ערשטען קלאַפּ — וועט זי מיט דערזעלבער גיכקייט איינפאַלען, ווי זי איז אויסגעוואַקסען געוואָרען. און דאַן פערלירען די באָלשעוויקעס יעדען באָדען. ניט אלס עקסט־רעוואָלוציאָנער געשטימטע ריכטונג אין דער ס.־ד־יע (דאָס מעג זי און וועט שטענדיג זיין), אָבער אלס א ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פון „שפּאַלטער“. קען מען אָבער דעם געגנער ניט פערשלינגען — מוז מען זיך מיט איהם פעראייניגען!

די איינציגע שטערונג צו דער פּאַרטיי־איינהייט זיינען די „לענינצעס“, דער וועג צו פעראייניגונג ליגט דורך די אָבשוואַכונג פון די לענינסקע „שפּאַלטער“!

זיי העלפען אַליין מיט זייער אָבשוואַכונג מיט זייער אונערהערטער פּרינציפּענלאָזיגקייט און דעמאַגאָגיע — און זייערע געגנער אינ'ם רוסישען טייל פון פּראָלעטאַריאַט, בעזונדער די „ליקווידאַטאָרען“, מוזען נור זעהען, אז זיי זאָ־

לען מיט זייערע פעהלערן ניט פערשטאַרקען די לענינצעם*).

לאַנגזאַם ריהרט זיך דער רייט־וואָגען פון דער רוסלענדער ס.־ד. איינהייט, אָבער פיעל גיכער ווי עס רעכענען אונזערע פעסימיסטישע אויסלענדישע פריינד**).

---

*) מען מוז אָפען זאָגען, אז עס איז געווען א צייט (איצט האָט זיך דאָס צום גליק בעדייטענד געביטען), ווען די „ליקווידאַטאָרען" האָבען געמאַכט איניגע גרויסע פעהלערן, וואָס האָבען זיי געבראַכט אין דעם גאַנצען „אויגוסט־בלאָק" גרויסען שאדען. (דער אַרטיקעל אין נומ. 101 „לוטש" און אַנדערע). האָבענדיג א ריכטיגע טאַקטיקע, פערמאָגען אָבער די „ליקווידאַטאָרען" ניט שטענדיג גענוג טאַקט. מוסר'ן און בעלערנען די אַרבייטער דאַרף מען אויך אויפ'ן סאָציאַל־דעמאָקראַטישען אופן, ד. ה. רעכענענדיג זיך מיט דער שטימונג פון די מאַסען, ווי מיט א ממשות'דיגען פאַקטאָר, ווערבען מען טאָר ניט מעשה דאָקטרינער אָוועקמאַכען מיט'ן האַנד.

**) דעם אַרטיקעל האָבען מיר בעקומען מיט איניגע חדשים צוריק, און צוליעב טעכנישע אורזאַכען האָט ער ביז איצט ניט געקענט ערשיינען.

די רעדאַקציאָן.

דוד איינהאָרן

דער סוד פון איהרע האָר

(ערצעהלונג)

.4

— איהר לעבען? — ווי פון א סך אידישע טעכטער: א צושפּאַלטענער; אינעווייניג — תמיד פארנאַרקאָטיזירט, פאַר'חלום'ט; אויסערליך — פאַרבלאָז ארים, פונקט ווי דאָס לעבען פון אַלע אידען.

א גרויסע בעל הבת'ישע שטוב מיט'ן גאַנצען אידישען שטייגער. רוהיגע שבתים, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען מיט דער מאַמעס ליכטבענשען און פרעהליכען גוט שבת, און געענדיגט זיך מיט'ן פאַרזאָרגטען „גאָט פון אברהם" און מיט'ן מאָדנעם אומעדיגען „גוט וואָך", וואָס האָט אויפגעקלונגען צוזאַמען מיט'ן וואָכעדיגען פלעמעל פון לאָמפּ.

לאַנגע ווינטערדיגע נעכט, וואָס פלעגען זיך ציהען נעבען זידיגען סאַמאָוואר אונטער די טענער פון דער אַלטער קעכין, וואָס פלעגט מעשיות דערצעהלען. און ווארימע שטילע זומער נעכט ביי אָפענע פענסטער, פון וועלכע די נאַכט פלעגט אריינקומען מיט ווארימע ווינטלעך און אָנפילען די שטוב מיט זומער־פויגעלעך, וואָס האָבען זיך געדרעהט ארום בלייז לאָמפּ.

די עלטערען (זי איז א בת יחידה געווען) האָבען א גרויסען קראָם געהאַלטען, און אליין געוואוינט אין אַן אַלטער פריצישער שטוב, וואָס איז זיי נאָך פון עלטער זיידען מיט'ן גאַנצען מעבעל בירושה אַריבער.

געשטאַנען איז די שטוב ביים ברעג פון שטעדטעל. הינטער איהר האָט זיך א גרויסער גאָרטען געצויגען, וואו זומער האָבען קאנאָפּליעס געוואַקסען. נאָך איהם איז א טייכעל געפלאָסען און אויף יענעם זייט טייך איז דער קאסטיאל געשטאַנען. ווייט, ווייט אין דעם האַלב פארנעבעלטען איבער'ן טייך האָט זי דורכ'ן פענסטער פון איהר אַלקירעל געזעהן פּראָצעסיעס זיך ציהען, לויות, חתונות; קלאַנגען פון גלאָקען געהערט און טענער פון אָרגעל.

פון צווייטען זייט פלעגט אַלע אין דער פריה זי אויפוועקען א שטיל זשומען פון א פערבענקטען בעהאַרצטען ניגון, וואָס איז איהר מאָדנע נאָהענט געווען. און מיט צוגעמאַכטע אויגען פלעגט זי הערען דעם שטילען תנו רבנן, בעגלייט מיט'ן לאַנגען מעלאָדישען זיפּ'ן און עכט אָריענטאַלישע ציהענדיגע טענער, און בשעת מעשה פלעגען זיך איהר פלאָנטערען אַזעלכע ווייטע און נאָהענטע בילדער פון מענשען, לענדער און געשעהענישען, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געזעהן. און געדוכט האָט זיך איהר דאַן, אַז איהר נשמה איז ערגעץ גאָר פון איין אַנדער וועלט־טייל, און דאָ לעבט זי דאָס איצט איבער די זכרונות פון איהר ערשטען לעבען. און אין דעם קליינעם אַלקירעל האָט זי געלעבט און געלערענט, און געלעזען ביכער און מיט אַלע מעגליכקייטען געזוכט. וואָס?

האָט זי אַליין נישט געוואוסט: אפשר אַ פאָרם פאַר איהרע חלומות, בילדער פאַר איהרע גע־פיהלען. קיין ספקות האָט זי נישט געהאַט: איהר נשמה האָט נישט פאַרטראָגען קיין דיסאָ־נאַנסען; און פונקט, ווי איין ניגון וועבט זיך איין אין צווייטען, אַזוי האָבען זיך איינ־געוועבט מיט די פעדים פון טרוים איינער אין צווייטען אַלע ערשיינונגען, אַלע געשעהענישען, וואס אַרום.

איהר האָט ווייניג וואס אינטערעסירט דאָס, וואָס עס טוט זיך אין שטוב, אָדער אין שטעדטעל. איהר זיינען כמעט אַלע געווען פרעמד און דאריבער האָט זי צו קיינעם קיין גוטע און קיין שלעכטע בעציהונגען ניט געהאַט.

די אַלטע, גרויסע שטוב מיט'ן אַלטען מע־בעל, מיט דעם אַלמער ספרים, מיט די זילבער־נע לייכטער און געשיר, מיט די אויסגעריבענע פאַטער־שטולען, זיי זיינען געווען איהרע פריינד, און געדוכט האָט זיך איהר, אַז זי איז דאָס דער איינציגער מענש, וואָס פיהלט די נשמה פון שטוב און לייגט אריין אין טאַמענס ניגון דאָס, וואָס ער אַליין האָט שוין אויפגע־הערט צו פאַרשטעהן.

פערלאַנגען האָט זי געהאַט זעהר ווייניג: איהר איינציגער מיידעלשער פערלאַנג איז גע־ווען, אַז דער פייזאַש פאַר איהר פענסטער זאָל זיין אָדער אַ ארץ־ישראל'דיגער, אָדער אַ אי־טאַליענישער, און אַז נעבען איהר זאָל זיך תמיד געפינען איינער, וואָס זאָל, ווי זי, זיין אַ שטילער און אַן איינזאַמער, און פאַרשטעהן די נשמה פון דער אַלטער שטוב און פיהלען איהרע חלומות.

נאָכדעם? — איז דער טאַטע געשטאָרבען. די געשעפטען זיינען אריבער צו דער מאַמען און זי, — זי איז אַוועקגעפאָהרען אין קרייז־שטאָדט, לערנען זיך.

אין קרייז־שטאָדט האָט זיך פאַר איהר גאָרנישט ניט געביטען: פאַר זיך און איינזאַם, תמיד אין זיך. נאָר איין זאַך איז איהר צוגע־קומען: אַ ביינקשאַפט אַהיים, צו איהר אַלקי־רעל, צו דער אַלטער שטוב און צום פאַרנעבעל־טען איבערען טייך.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זי זיך צו־געוואוינט, געקראָגען חברים און חבר'טעס, גע־נומען אריינגעהן צו זיי אין די הייזער, וואו עס פלעגען פאַרקומען קרייזלעך פון יונגע לייט. (יאָ, דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די גאַנצע יוגענד האָט זיך פאַרנומען מיט געזעל־שאַפטליכע פראַגען). איהר האָט דאָס אָבער נישט אינטערעסירט, און עס קען גרייליך זיין, אַז זי וואָלט לאַנג אויפגעהערט צו בעזוכען זיי . . .

נאָר זי איז ווייטער געגאַנגען.

און די סיבה פון דעם איז געווען אַט דער בלאַסער קריינקליכער יונגער מאַן, וועלכען זי האָט אויף אַ קרייזעל ביי איינער פון איהרע חבר'טעס געטראָפען.

פון אָנהויב האָט ער זי אינטערעסירט, ווי אַלע בחורים, וואָס האָבען געדרוישט און געטו־מעלט זיך אַרום איהר. שפּעטער אָבער האָט זי איהם אָנגעהויבען בעמערקען. פונקט ווי זי, פלעגט ער תמיד זיצען פאַר זיך, און אויף זיין בלאַס איידעל געזיכט האָט עפּעס גערוהט, ווי אַ מיעדיגקייט; פונקט ווי זי, פלעגט ער ווע־ניג רעדען, דערפאַר האָט ער מעהר געהערט, ווי זי. און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט מיעד מיט אַ לייכטער איראָניע עפּעס אַרויסזאָגען, פלעגען אַלע מיט אכטונג און אויפמערקזאַמקייט אויסהערען. זיינע זשעסטען זיינען תמיד גע־ווען רוהיגע, פאַרטראַכטע, דערפאַר האָבען זיי פאַרמאָגט תמיד מעהר עלעגאַנץ, ווי פון די אַלע איבעריגע; און אָפט, אָפט, ווען ער פלעגט זיך פאַרטראַכטען, איז ער ווי אַוועק אין איין אַנ־דער וועלט, און דאַן האָט זי זיך געפיהלט צו איהם מאָדנע נאָהנט, פונקט ווי ער וואָלט אין דער מינוט אריין אין איהרע אינערליכע וועל־טען.

און דאָס פאַרשלאָסענע אידישע מיידעל, וואָס האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַ דונקעל דאַר געזיכט, מיט אַ נישט ענטוויקעלטע פיגור, וואָס האָט קיינמאָל קיין איבעריגען פריינדליכען בליק פון אַן אינגעל בעמערקט אויף זיך, איז געזע־סען שעה'ען לאַנג אין ווינקעל פון צימער אין אַרומגעוועבט דעם בלאַסען בחור מיט'ן פאַר־נעבעלטען איבער'ן טייך אין דער אַלטער שטוב. איהר איז געווען גאַנץ גלייך, צי דער בחור זעהט זי, צי נישט. איהר איז געווען גאַנץ גלייך, וואו־הין זיין אומעדיגער בליק פאַלט, צו וועמען זיי־נע דאַרע ליפען פאַרציהען זיך מיט אַ שמייכעל, זי האָט אפשר דוקא געוואָלט, ער זאָל אויף איהר נישט קוקען, בכדי איהם נישט צו פאַר־לירען . . .

און אַזוי האָט זיך עס געצויגען. אַ היבשע צייט האָט זי איהם פון איהרע אויגען נישט פאַרלאָרען און נאָכמעהר פון איהר חלום. אָפט פלעגען זיי זיך טרעפען ביי בעקאַנטע, צייט־טענווייז גערעדט, צייטענווייז האָט ער זי גאָר נישט בעמערקט.

איינמאָל געדענקט זי, זיינען זיי געגאַנגען אַ גאַנצע גרופּע יונגע לייט שפּאַציערען. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע, אַ וואַרימע. די גאַנצע גרופּע איז געגאַנגען פאָראויס און גע־זונגען רוסישע לידער. זי פאַרקעהרט, האָט זיך פאַרטראַכט, אָבגעשטאַנען פון אַלעמען און געגאַנגען ביים זייט פון גאַס. פלוצים האָט זי דערפיהלט עמיצען נעבען זיך, וואָס איז לאַנג־זאַם געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן נעבען זיך איהם מיט אַ פערוואונדערטען העפליכען שמיי־כעל.

— און איך האָב געמיינט, אַז איך בין דאָס נאָר אַליין אָבגעטראָטען פון קאָמפּאַניע, לסוף געפינט זיך נאָך אַ מענש. איך בין זיכער, אַז איהר זענט איצט אין וו. נישט געוועזן.

— און איהר ?. . .

— אויך נישט . . .

דערביי האָט ער זיך מאָדנע פּארקוקט, און צוּאיילענדיג די טריט, צ...גאַנגען צו דער קאָמפּאַניע.

דאָס איז געוועזן דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבען זיך אַזוי נאָהנט צוזאַמענגעטראָפען און שיעור וואָס שיעור נישט אויפגערעדט זיך.

נאָר דאָס איז דאַן נישט געשעהן.

ווער ווייס, אפשר וואָלט ער ביי איהר אַזוי פארבליבען אונבעשטימט און פארנעבעלט, ווי דער איבער'ן טייך מיט זיינע קלאַנגען, פּראַציעסיעס און אָרגעל טענער, און ווי די נשמה פון איהר אַלטע הויז. און אין איהר אָרימען אין געשעהנישען לעבען וואָלט ער אַזוי דורכגעגאַנגען, ווי אַ העלד פון א פרעמדען ראָמאַן, וועמען מען קריגט האַלט, און מיט וועמעס לעבען מען אינטערעסירט זיך.

איבעריגענס האָט זי שוין עטליכע מאָל געהאט פּאַראיבערגעהענדע בעגעגענישען: אויפ'ן באַהן איינמאַל מיט אַ פּוילישען סטודענט און דעם צווייטען מאָל מיט אַ בלאַסען ישיבה בחור, נאָך וואָס זי פּלעגט יעדעס מאָל אָבזיצען עטליכע שעה ביי זיך אין צימער מיט פארמאַכטע אויגען.

נאָר דאָ האָט געמוזט עטוואָס אַנדערש געשעהן.

און דאָס בלאַסע מיידעל האָט פּלוצלינג דערפיהלט, ווי אַזוי אַ האַרץ קען קלאַפּען, גיך, גיך, און ווי אַזוי עס נעמט דריקען עפּעס אין האַלז און פון די פארמאַכטע אויגען פליסען אמת'ע הייסע טרעהרען.

און געשעהן איז דאָס איינמאָל אין אַ הערבסטיגען טאָג. זי איז צופעליג אַריין צו איהרע אַ חבר'טע, וואו ער פּלעגט תמיד אַריינקומען. עפּענענדיג די טהיר האָט זי געטראָפען דער חבר'טע אָנגעטהאָן, גרייט אין וועג און אונרוהיג.

— „ער, משה, האָט איהר געשריעבען, אַז איהם איז ווידער נישט גוט, דאָס הייסט, אַז מיט איהם איז ווידער געשעהן אַ בלוט־שטורץ.”

צום ערשטען מאָל האָט זי דערפיהלט, ווי די פיס איהרע האַקען זיך אונטער, און ווי דער קאָפּ נעהמט זיך דרעהען און דאָס האַרץ קלאַפּט גיך, גיך. הייסט דאָס, אַז דער איינזאַמער בחור איז געפעהרליך קראַנק און האָט געוויס קיינעם נישט, אויסער עטליכע בעקאַנטע.

נישט זאָגענדיג אַ וואָרט, איז זי צוזאַמען מיט דער חבר'טע אַרויסגעפלויגען פון די טרעפּ, גענומען אַ דראָשקע און איז צוזאַמען געקומען צו איהם.

געטראָפען האָט זי איהם, ליעגענדיג אין בעט, בלאַס, מיט צוגעמאַכטע אויגען. בשעת זיי זיינען אַריין האָט ער עטוואָס אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און שמייכלענדיג בעדאַנקט זיי.

איהר האָט ער כמעט ווי נישט בעמערקט, יעדענפאַלס, נישט בעוואונדערט איהר קומען. זי פערקעהרט האָט צום ערשטען דערפיהלט, ווי טייער עס איז איהר און ווי נאָהנט אָט דער איינזאַמער יונגער מאַן.

דער טאָג איז געוועזן אַ הערבסטיגער, אַ טריבער. אין דעם פינסטערליכען נישט אויפגערוימטען בחור־צימער האָט זיך צושפּרייט אַ וויסטער, איינזאַמער אומעט. און נישט די ווייסע וועש פון בעט, און נישט די פלעשלעך רפואות האָבען געקענט שאַפען אין דעם ענגען צימער מיט די פארפלעקטע טאַפּעטען די נויטיגע היימליכקייט, וואָס די פּפלעגע אַרום אַ קראַנקען צושפּרייט.

שפּעטער אַביסעל נאָך אַ סך ישוב הדעת און אונטערהאַנדלונגען איז די חבר'טע אַוועק און איבערגעלאָזען זי אויף דער נאַכט נעבען זיין בעט, ער האָט נישט פּראָטעסטירט און נישט געבעטען : שטיל, מיט צוגעמאַכטע אויגען איז ער געלעגען און געשוויגען.

מיט דער איבערגעבענהייט און בעהאַלטענער צערטליכקייט פון דעם ערשטען שטאַרקען געפיהל איהרען האָט זי זיך גענומען אויפפּאַסען איהם. דאָס ערשטע האָט זי גענומען אויפראַמען דאָס צימער ; אויפגענומען די ביכער פון טיש, געליהען ביי דער בעל הבית'טע אַ ווייס טישטוך און איבערגעדעקט איהם ; פון שאַפע, וואו' זי האָט אָרדנונג געמאַכט, האָט זי אַרויסגעפונען אַ גאַנצע פּאַפּקע מיט גראַוויורען, וועלכע זי האָט אויסגעהאַנגען אויף די מעהר פארפלעקטע ערטער פון די טאַפּעטען. אפילו די פלעשלעך מיט די רפואות, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן קליינעם טישעל פאַר זיין בעט, האָט זי אויסגעשטעלט אין א געוויסע סימעטריע. אין אַ פּאָר שעה האָט דאָס צימער איין אַנדער פּנים געקראָגען, און די הערבסטיגע אונטערגעהענדע זון האָט איהר נאָך צוגעהאָלפען, אַריינוואַרפענדיג אין צימער עטליכע שטילע ראָזליכע שטראַהלען.

בשעת ער האָט ווידער די אויגען געעפענט און בעמערקט די ענדערונג, האָט זיך אַ דאַנקבאַרער שמייכעל צולייגט אויפ'ן געזיכט און מיט אַ אינטימער אַנטרוויליכער שטים האָט ער איהר געזאָגט : — איך פיהל זיך איצט, ווי פריי טאַג פאַרנאַכט, ווען מיין מאַמע פלעגט אויפראַמען אין שטוב און אַנצינדען ליכט.

אַ גאַנצע נאַכט איז זי נאָכדעם געזעסען נעבען איהם. ער האָט אונרוהיג געשלאָפען, שטאַרק געהוסט און צייטענווייז זיך אויפגעכאַפּט אָהן אַטהעם און מיט דערשראָקענע אויגען. צו בעגינען צו איז איהם געוואָרען אַ בי־

סעלע גרינגער, און ווען זי האָט איהם די רפואות דערלאנגט, האָט זי ביים פריהמאָרגען שוין צום ערשטען מאָל דערזעהן, אז דאָס איז דאָס געזיכט, פון וועלכע זי האָט גע'חלום'ט די גאנצע יוגענד אין איהר אלקירעל. און ווען ער האָט איהר א דריק געטהאָן מיט דאנקבארקייט די האנד, האָט ווי א ווארימער שטראהל איהר גאנצען יוגענד טרוים דורכגענומען.

שפּעטער אביסעל, ווען ער האָט זיך ווידער א מאָל אויפגעכאַפּט און זי האָט איהם טהע דערלאנגט, האָט זי זיך שוין ערלויבט צו פארריכטען די צואוואָרפענע שוואַרצע האָר אויף זיין נאַסען שטערן.

דאָס איז געווען די ערשטע צערטליכקייט, וואָס זי האָט עמיצען אין לעבען געשענקט.

דערנאָך זיינען אוועק לאנגע וואָכען פון זאָרג. איהם האָט מען איבערגעפיהרט אונטערען שטאָדט אין א פרייען ליכטיגען צימער, וועלכען מען האָט אָבגעדונגען ביי אן אלטער פּוילישער פּריצ'טע. נעבען דעם צימער האָט זי זיך א קליין חדר'ל אָבגעדונגען ביי דער זעלביגער פּריצ'טע און פון דאן אָן האָט זי שוין קיינעם ניט צוגעלאָזען צו איהם. ווי א אמת'ע געאיבטע בארימהארציגע שוועסטער, איז זי ארום איהם געגאנגען מיט דער צערטליכקייט פון א פערליעבטער, שטילער אידישער טאָכטער.

קיינמאָל איז איהר אזוי גוט נישט געווען, ווי דאן. אין די שעה'ען, ווען ער פלעגט איינשלאָפען, פלעגט זי אריינגעהן צו דער אלטער פּריצ'טע אין די פאקאיעס. דאָרט איז געשטאַנען א מין פּיאנא, וואָס האָט זיך אויך געקענט, ווען מען האָט געוואָלט, אויפליגען אין א שרייבטיש. אויף דעם ראיאל פלעגט זי אָפט אויסצימבלען שוין כמעט פארגעסענע אידישע מעלאָדיעס. אָפטמאָל פלעגט זי זיך פערנעהמען מיט'ן בעגיסען די פארשיעדענע וואזאנעס, מיט וועלכע די פאקאָיעס זיינען געווען אָנגעפילט. די פּריצ'טע זעלבסט האָט איהר ליעב געהאַט, ווי אן אייגענער טאָכטער, און זיצענדיג אָפט ביים ברענענדיגען אויווען, פלעגט זי איהר דערצעהלען מעשיות פון פּוילישען אויפשטאַנד, פון איהר לעבען. דאָס זיינען געווען מאָדנע נאָהנטע און בעקאנטע בילדער פון איבערען טייכעל.

מיט איהם פלעגט זי זעהר ווייניג רעדען. ער האָט זיך ביי איהר פארוואנדעלט אין דעם גייסט פון דער אלטער שטוב. פאר איהר איז געווען גענוג צו זיצען ביי איהם אין צימער און ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער, ווי דער שנעע פאלט און צוליגט זיך אויף די צווייגען פון די טאנגען בוימער, ווי דער רויך פון נאָהנטען הייזעל קרייזעלט זיך אין דער פראָסטיגער לופט, ווי די קראָהען שפּרינגען פון בוים צו בוים און שיטען אראָב דעם שנעע פון די צווייגען; הערען ווי פון ערגעץ וואו א שליטעל גליצט זיך מיט א קלאנג און פיהלען דאביי הינטער זיך זיין אטהעם און זיין בליק.

ער פלעגט כמעט תמיד שווייגען. פון צייט צו צייט מעהר נישט פלעגט ער זי אָבשטעלען, נעהמען פאר'ן האנד און מיט א מאָדנע שולדיגקייט געקוקט איהר אין די אויגען. לאנג אָבער פלעגט דאָס נישט דויערען. אין א מינוט ארום איז ער שוין מיט א בוך אין האנד, און געראטהען, זי זאָל דאָס אונבעדינגט לייענען.

א צווייטען מאָל, ווען זי איז געזעסען און געשפּיעלט אויפ'ן פּיאנא, איז ער שטיל אריין און זיך געזעצט נעבען איהר. איבער'ן פּיאנא איז א בילד געהאנגען פון א יונגער שעהנער פּוילישער מיידעל מיט בלאָנדע צולאָזענע לאָקען און מיט צונויפגעלייגטע הענד אויפ'ן ברוסט אין א קאָסטיום פון די 30טע יאָהרען.

— א מאָדנע עהנליכקייט איז צווישען אייך ביידען איצט, — האָט ער פלוצלינג ארויסגעזאָגט, — איך בין זיכער, אז זי איז אויך א מאָל אזוי געזעסען און געשפּיעלט אין דער זעלבער פּאָזע און דאָס זעלבע איבערגעלעבט. איהר ווייסט, וואָס איך מיין, דינא, איהר זענט צו שפּעט געבוירען געוואָרען, איהר זענט א מענש נישט פון היינטיגער צייט.

מעהר האָט ער איהר גאָרנישט געזאָגט.

אין עטליכע וואָכען ארום האָט ער זיך אָנגעהויבען בעסערען. די שטאַרקע פרעסט, די שטילקייט און די פרישע זוניגע לופט פון צימער האָבען בעוויזען זייער ווירקונג און אין 8 וואָכען נאָך זייער אריינקלייבען זיך צו דער פּריצ'טע האָט ער שוין גענומען פאקען זיינע פעקלעך און זיך גענומען צוגרייטען צו זיין רייזע נאָך דרום.

צווישען זיך האָבען זיי שוין כמעט ווי נישט גערעדט. ער האָט זיך ווי עפּעס געפיהלט שולדיג פאר איהר, שולדיג אפשר דערפאר, וואָס ער האָט איהר צוריק נישט געקאָנט ענטפערען מיט דעם זעלבען געפיהל, וואָס האָט ארויסגעקוקט ביי איהר פון די אויגען, און אפשר האָט דאָס זיין קראַנקהייט מיטגעבראַכט. וואָס ער האָט זיך פארשלאָסען. זי האָט אויך געשוויגען, נאָר פון א טיעפען צער. און וואָס נעהנטער דער טאָג איז געקומען פון זיין אָבפאָהרען, אַלץ פוסטער איז איהר געוואָרען אין הארצען. פון אָנהויב האָט זי געוואָלט אָבדינגען דעם צימער ביי דער פּריצ'טע און בלייבען דאָרט וואוינען, נאָכדעם אָבער האָט זי זיך מישב געווען.

— איהר האָט שוין געשראָקען די שטילקייט אָהן איהם.

(שלוס קומט)

א. יפה

דר. ח. זשיטלאָווסקי, אַלס פילאָזאָף

4. דאָס לעבענס־פּראָבלעם.

ה׳ זשיטלאָווסקי שרייבט: „ווער איז פעראינטערעסירט, דאָס לעבען זאָל זיך דערהאַלטען? ניט די לעבעדיגע שטיקלעך פּראָטאָפּלאַזמאַ: זיי וויסען פון קיין זאַך ניט. וויל מען בלייבען שטעהן ביי די גרענעצען פון דעם מענשליכען פערשטאַנד, וויל מען ד ע ר ק ל ע ר ע ן די ערשיינונגען פון דעם לעבען, כדי צונויפבינדען זיי אין איין וויסענשאַפטליכען סיסטעם, מוז מען דאָ, אין דער ביאָלאָגיע, אין גאַנצען פערלאָזען דעם מאַטעריאַליזם. דאָס לעבען ווערט דערקלערט דורך דאָס לעבען און ניט דורך פערפּלאָנטערטע דרעה־בעוועגונגען פון ניט־לעבעדיגע אַטאָמען. הערט מען זיך גוט איין אין די שפּראַך, וועלכע די ביאָלאָגישע פאַקטען רעדען, און האָט מען קיין מורא ניט פאַר קיין „אפּיקורס׳ישען" געדאַנק, מוז מען אָננעהמען, אז די לעבענס־קראַפט (א בעזונדער קראַפט, אָדער א צונויפגעזאָסענע פון אַנדערע, — דאָס איז קיין נפקא מינה ניט), — שטרעבט צו דעם, עס זאָל זיין ל ע ב ע ן אויף דער וועלט. דאָס איז דאָס ציעל פון דער דאָזיגער קראַפט, און ווי א מיטעל צום ציעל, ברענגט זי, די קראַפט, ארויס די פסיכישע געפיהלען פון הנאה און צער, מיט וועלכע זי ק אָ נ ט ר אָ ל י ר ט דאָס לעבען פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום, מיט וועלכע זי קעהרט און ווענדט דעם לעבעדיגען יחיד, ער זאָל אויספיהרען איהרע ציעלען, ער זאָל בלייבען ביים לעבען. איהם ט אָ ר ניט זיין אנגענעהם דאָס הונגער, ווייל, אז ניט, וועט ער באמת אויפהערען עסען, און אויף אזא אופן אויפהערען לעבען. איהם ז אָ ל ז י י ן אנגענעהם די זאַטקייט, ווייל, אז ניט, וועט ער זיך ניט יאָגען נאָך איהר". (ז. 94).

און ווייטער: „... די ביאָלאָגישע וויסענשאַפט פון אונזערע טעג ווערט אַלץ מעהר און מעהר געטריבען איינצוזעהן, אז ס׳איז דאָ אין דער נאַטור אַן א י ב ע ר ־ א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע קראַפט, וואָס בעהערשט די ביאָלאָגישע פּראָצעסען פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום". (ז. 96).

אין דער ביאָלאָגיע, מיט איין וואָרט, זיינען, לויט זשיטלאָווסקי׳ס מיינונג, די שאַנסען פון דעם מאַטעריאַליזם „זעהר און זעהר קליין; אפשר גלייך נול".

זשיטלאָווסקי האָט אויך אין דער ביאָלאָגיע קיין אַמעריקאַ ניט ענטדעקט. ער האָט נור ווידער אמאָל איבערגע׳חזר׳ט דאָס, וואָס איז שוין טויזענדער מאָל ארויסגעזאָגט געוואָרען פון פערשיעדענע מעטאַפיזיקער פאַר איהם.

פאַר ה׳ זשיטלאָווסקי׳ן איז דער מאַטעריאַליזם אין דער ביאָלאָגיע „אפשר גלייך נול", און ער זוכט דעריבער א בעזונדערע אורזאַכע, א בעזונדער פּרינציפּ, אַ ספּעציעלע „קראַפט", וואָס דאַרף זיין פערשיעדען פון דער מאַטעריעלער קראַפט. פרעגט זיך, וואָס איז דאָס פאַר א געהיימע קראַפט, וועלכע דאַרף אונז ערקלערען אַלע לעבענס־ערשיינונגען? זשיטלאָווסקי קעהרט זיך אויך דאָ אום צוריק צו דער אַלטער מיסטישער „לעבענס־קראַפט", וואָס איז אגב אונז אין גאַנצען אונבעקאַנט, און וועלכע דאַרף דערפאַר אַלין ערקלערען. אַן א ו נ ב ע ק אַ נ ט ע ס פּרינציפּ, וואָס דאַרף ערקלערען דאָס אונבעקאַנטע!

זשיטלאָווסקי בערופט זיך אָבער שטענדיג אויף די מאָדערנע וויסענשאַפט. בנוגע צום לעבענס־פּראָבלעם בערופט ער זיך אויף די מאָדערנע ביאָלאָגיע, אויף ביאָלאָגישע „פאַקטען". דער לעזער קאָן טאַקע אָנהויבען צו גלויבען, אז אין דער ביאָלאָגיע הערשט זשיטלאָווסקי׳ס שטאַנדפּונקט.

דאָס איז אָבער ניט אזוי און ווייט ניט אזוי. און רעדט זשיטלאָווסקי כלומרש׳ט אין נאָמען פון דער וויסענשאַפט, מוזען מיר בעווייזען, שטיצענדיג זיך טאַקע אויף אמת׳ע פאַקטען, אז דער אידעאַליזם האָט נאָך די וויסענשאַפט ניט איינגענומען און אז די אמת׳ע פעסטונג פון דער וויסענשאַפט איז אויך אין דער ביאָלאָגיע דער מאַטעריאַליזם.

מיר וועלען ניט לייקענען, אז עס זיינען פאַרהאַן אזעלכע געלעהרטע ביאָלאָגען, וואָס שטעהען אויף דעם אזוי גערופענעם וויטאַליסטישען שטאַנדפּונקט, וועלכער אַנערקענט א ספּעציעלע לעבענס־קראַפט, כדי צו ערקלערען

די לעבענס־ערשיינונגען. ריינקע און דריש, למשל, פיהרען איין בעזונדערע קרעפטען, וואָס שטעהען „העבער" פון די פיזיש־כעמישע קרעפ־טען. דאָס זיינען די „דאָמינאַנטען" און „ענטע־לעכיען". לײדער קאָנען מיר זיך דאָ ניט אָב־שטעלען אויף די פערשיעדענע וויטאַליסטישע טעאָריען, נור איינס קאָנען מיר שוין דאָ בע־מערקען: זשיטלאָווסקי איז מעהר וויטאַליסט, ווי די וויטאַליסטען אליין. קיין וויטאַליסט איז ניט אזוי עקסטרעם, איז ניט אזוי פיינדליך גע־שטימט געגען דעם מאַטעריאַליזם אין דער ביאָ־לאָגיע, ווי זשיטלאָווסקי. נעהמען מיר, למשל, אַזאַ אידעאַליסט, ווי בערגסאָן, איז אפילו ער געצוואונגען אנצוערקענען, אַז די פיזיש־כעמי־שע מעטאָדע איז אַן אויסגעצייכענטע אנאלי־טישע מעטאָדע. אזוי ווי יעדעס לעבען זעצט פאָראויס מאַטעריע, זאָגט בערג־סאָן, איז די פיזיש־כעמישע מעטאָדע אימ־שטאַנד צו ערקלערען די מאַטעריעלע בעדינגונ־גען פון לעבען. און אפילו די דערמאָהנטע וויטאַליסטען — דריש און ריינקע — זיינען ניט אזוי „ראַדיקאַל", ווי אונזער גוטער זשיט־לאָווסקי. זיי אַנערקענען די אונבע־דינגטע נויטווענדיגקייט פון דער מעכאַ־נישער טעאָריע.

זאָגען, אַז די שאַנסען פון דעם מאַטעריאַ־ליזם אין דער ביאָלאָגיע זיינען כלומרש'ט גלייך נול, זאָגען, אַז כדי צו ערקלערען די ערשיי־נונגען פון לעבען, איז נויטיג אין גאַנצען צו פערלאָזען דעם מאַטעריאַליזם — דאָס זאָגען קאָן נור א מעטאַפיזיקער, וואָס וויל זיך לחלוטין ניט רעכענען מיט די ביאָלאָגישע פאַקטען. קאָקעטירען מיט א כלומרש'ט „אפיקורס'ישען" געדאַנק וועגען דער „לעבענס־קראַפט", וועלכע אריסטאָטעל האָט שוין איינגעפיהרט, דערביי מאַכען אַ מינע, פונקט ווי מען וואָלט טאַקע ענטדעקט עפּעס אַמעריקאַ — און דאָס אַלץ טהאָן אין דערזעלבער צייט, בעת די וויטאַ־ליסטישע טעאָריען הערען שוין אויף צו שפּיע־לען א ראָלע אין דער וויסענשאַפט — דאָס אַלץ קאָן ערקלערט ווערען ענטוועדער מיט דער גרויסער נאַאיוויטעט פון אונזער פילאָזאָף, אָדער מיט זיין „פייערדיגען" טעמפעראַמענט.

די אַנימיסטישע און וויטאַליסטישע טעאָ־ריען זיינען שוין אַלט, ווי די ביאָלאָגיע אַליין. און זשיטלאָווסקי האָט דאָ קיין איין נייעס וואָרט זעלבסטפערשטענדליך ניט ארויסגעזאָגט. דערפאַר אָבער זיינען טאַקע די „פּרעטענזיעס" זיינע אזוי גרויס.

וואָס איז אזוינס לעבען? — דאָס איז די הויפּט פראַגע, מיט וועלכער עס בע־שעפטיגט זיך די ביאָלאָגיע און דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען פאַר דעם מענשען בכלל. בנוגע צו דעם לעבענס־פּראָבלעם עק־זיסטירען אין דער ביאָלאָגיע צוויי הויפּט־ריכ־טונגען: דער מעכאַניזם און וויטאַליזם.

דער מעכאַניזם אָדער דער מאַטעריאַליזם אין דער ביאָלאָגיע אנערקענט ניט קיין ספּע־ציעלע „לעבענס־קרעפטען". לעבען איז פאַר דעם מאַטעריאַליסט אָדער מעכאַניסט לעבעדיגע מאַטעריע. דאָס „לע־בען" עקזיסטירט ניט אויסער דער מאַטעריע אלס א בעזונדער פּרינציפּ, נור אין דער לעבע־דיגער מאַטעריע, וועלכע מען רופט פּראָטאָ־פּלאַזמא. דאָס פּראָטאָפּלאַזמא בעשטעהט בעזונדערס פון קוילען־שטאָף, וואסער־שטאָף, פאָספאָר, שוועבעל, זויער־שטאָף און שטיק־שטאָף. הויפּטזעכליך פון די אָנגערופענע עלע־מענטען ווערט צוזאַמענגעשטעלט דאָס ווייסעל*). אַלע קערפּער, ווי מיר ווייסען, בע־שטעהען פון אונגעפעהר ניינציג עלעמענטען. פון די עלעמענטען ווערט אויך „געשאַפען" דאָס לעבען. און די אַלע לעבענס־ערשיינונגען (עמפּפינדונג, ערנעהרונג, דאָס וואַקסען און ד. גל.) קאָנען ערקלערט ווערען נור אויף דעם מעכאַניסטישען אופן. די לעבענס־ערשיינונגען, די אָרגאַנישע געשעהניסען זיי־נען אונטערגעוואָרפען כעמישע און פיזיאָלאָגי־שע געזעצען. די ביאָלאָגיע בעשעפטיגט זיך ספּעציעל מיט די געזעצען, וועלכע בעהערשען דאָס לעבען. און דער מעכאַניזם פיהרט צוריק אַלע לעבענס־ערשיינונגען אויף כעמישע און פי־זיקאַלישע געזעצען. דער מעכאַניזם לערנט, אַז צווישען די לעבענס־ערשיינונגען און די מאַטע־ריעלע ערשיינונגען עקזיסטירט ניט קיין פּרינ־ציפּיעלער אונטערשייד. די מאַטעריעלע, ד. ה., די כעמישע עלעמענטען בילדען דעם פונדאַ־מענט פון די לעבענס־ערשיינונגען. וואָס ווייטער עס ענטוויקלען זיך די וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, אַלץ קלענער ווערט דער תהום צווי־שען דער אָרגאַנישער און אונאָרגאַנישער וועלט. געוויס איז נאָך ניט אַלץ „קלאָר", געוויס איז נאָך ניט אַלץ אויפגעקלערט געוואָרען. עס איז אָבער בעזונדערס וויכטיג אין דער וויסענשאַפט א ריכטיגע מעטאָדע און בנוגע דער מעטאָדע קענען מיר זאָגען, אַז די מעכאַניסטישע טעאָ־ריע איז די איינציג וויסענשאַפטליכע מע־טאָדע.

געגען דעם מעכאַניזם שטעהט דער וויטאַ־ליזם און אין דער לעצטער צייט דער נעאָ־וויטאַליזם. דער וויטאַליזם בעפרידיגט זיך ניט מיט דער מעכאַניסטישער טעאָריע. פאַר

*) די וויסענשאַפט בעשעפטיגט זיך מיט דער פראַגע וועגען קינסטליכען ווייסעל. ס'איז צו האָ־פען, אַז די פראַגע וועט אַמאָל און אפשר גיכער, ווי מיר מיינען, געלעזט ווערען. דער מענש וועט אליין בעקומען די מעגליכקייט צוזאַמענצושטעלען דאָס ווייסעל.

איהם איז *לעבען* עפּעס אזוינס, וואָס קאָן ניט ערקלערט ווערען מיט די זעלבע מעטאָדען, וואָס אַלע מאַטעריאַלע ערשיינונגען. דאָ מוז איינגעפיהרט ווערען גאָר א בעזונדער ספּעציעלעס פּרינציפּ, וואָס הייסט „*לעבען*“, א בעזונדערע *לעבענס־קראַפט*. אָט די לעבענס־קראַפט ברענגט ארויס פון זיך אַלע לעבענס־ערשיינונגען. לויט זשיטלאָווסקי׳ס פּירוש איז די *לעבענס־קראַפט* אפילו *איבער־אינדיווידועל*; זי בעהערשט שוין דאָס אינדיווידואום. זשיטלאָווסקי ברעכט זיך דעם מח וועגען דער נאַטור פון דער לעבענס־קראַפט און מיינט, אז זי קאָן זיין א „בעזונדערע“ אָדער „צונויפגעגאָסענע“ קראַפט. די לעבענס־קראַפט *שטרעבט* כלומרש׳ט צו דעם, עס זאָל זיין לעבען אויף דער וועלט. די לעבענס־קראַפט שטעהט *אויסער* דעם איינצעלנעם אינדיווידיאום אָדער, ריכטיגער, נאָך *איבער* דעם איינצעלנעם אינדיווידואום. דער אינדיווידואום איז אונטערגעוואָרפען דעם ווילען און די ציעלען פון דער לעבענס־קראַפט. זי בענוצט זיך מיט די פּסיכישע געפיהלען פון הנאה און צער, וועלכע זי רופט ארויס ביים אינדיווידואום, כדי איהרע ציעלען צו דערגרייכען. מיט די געפיהלען *קאָנטראָלירט* זי, די לעבענס־קראַפט, דאָס לעבען פון דעם יחיד. מיט איין וואָרט, די לעבענס־קראַפט טהוט מיט דעם אינדיווידואום אַלץ, וואָס זי וויל. דאָס אינדיווידואום איז נור א בלינדעס מיטעל פאַר די צוועקען, וועלכע עס שטעלט זי די לעבענס־קראַפט. די ציעלען פון דער לעבענס־קראַפט בלייבען פאַר דעם אינדיווידואום שטענדיג פערבאָרגען.

אז די גאַנצע טעאָריע וועגען דער לעבענס־קראַפט האָט בכלל גאָר ניט צו טהאָן מיט דער וויסענשאַפט, איז, דאַכט זיך, פערשטענדליך פאַר יעדען. ה׳ זשיטלאָווסקי שילדערט אונז די לעבענס־קראַפט אין פערשיעדענע פאַרבען. סוף כל סוף אָבער בלייבט זי דונקעל, ווי זשיטלאָווסקי׳ס פילאָזאָפיע אליין, ווייל דאָס איז בכלל א מיסטישער בעגריף, וואָס האָט קיין פּאָזיטיווען אינהאַלט ניט. זשיטלאָווסקי רעדט וועגען די „שטרעבונגען“ פון דער לעבענס־קראַפט. ער איז אזוי טיעף אריינגעדרונגען אין איהר נאַטור, אז ער ווייס איהרע פערבאָרגענע „ציעלען“ און ד. גל. די לעבענס־קראַפט איז דאָך אָבער *איבער־אינדיווידועל*, און זשיטלאָווסקי איז אפשר א „גרויסער“ דענקער, אָבער דאָך ניט מעהר ווי א יחיד, וועלכער איז אונטערגעוואָרפען דער לעבענס־קראַפט און ווייס ניט פון איהרע ציעלען.

מיט אזעלכע אונוויסענשאַפטליכע און מיסטישע בעגריפען קאָן די וויסענשאַפט קיין טריט פאָראויס ניט מאַכען. פרעגט מען, וואָס אזוינס איז די „לעבענס־קראַפט“, קאָנען איהרע אָנהענגער גאָר ניט ערקלערען, זיי קאָנען איהר גאָר ניט *בעשטימען*. עס בלייבען נור איבער אַלגעמיינע בעגריפען, מיט וועלכע זיי פּרובען איהר צו כאַראַקטעריזירען: שטרעבען, קאָנטראָלירען, ציעלען און ד. גל. — דאָס זיינען ניט קיין וויסענשאַפטליכע, נור מעטאַפיזיש־מיסטישע בעגריפען, מיט וועלכע די וויסענשאַפט קאָן גאָר ניט אָנהויבען צו טהאָן. אדרבה, לאָז מען פּרובען מאַכען עקספּערימענטען און פאָרשונגען מיט דער „לעבענס־קראַפט“. דאָס איז דאָך א „זאַך“, וועלכע מיר זיינען גאָר ניט אימשטאַנד צו עמפּפינדען, „וואָהר צו נעהמען“, צו זעהן, הערען, טאַפּען און ד. גל. דאָס איז דאָך מעהר ניט, ווי א מעטאַפיזישער בעגריף, וואָס קאָן אונז גאָר ניט געגעבען ווערען אין דער *ערפאַהרונג* און וואָס קאָן דעריבער אויך ניט „ערפאַהרען“, ד. ה., ערקענט ווערען.

און וואָס איז דערביי נאָך בעזונדערס מערקווירדיג, איז דאָס, אז אויף אזא ריין־מעטאַפיזישען און מיסטישען שטאַנדפּונקט שטעהט דערזעלבער זשיטלאָווסקי, וועלכער בערופט זיך אויף די *ערפאַהרונג*, שטיצט זיך אויף די *ערפאַהרונגס־פילאָזאָפיע* און קריטיקירט דעם *מאַטעריאַליזם*, ווייל ער איז כלומרש׳ט *מעטאַפיזיש*.

„די שאַנסען פונ׳ם מאַטעריאַליזם אין דער ביאָלאָגיע זיינען אפשר גלייך נול“. דער „אפשר“ איז דאָ גאָר אַן איבעריגער און דאָס האָבען מיר נור צו פערדאַנקען, אייגענטליך, זשיטלאָווסקי׳ס גוט האַרץ, וואָס ער לאָזט איבער דאָס קליין ווערטעל „אפשר“. פאַר איהם איז אָבער אין אמת׳ען דער „אפשר“ גאָר קיין אפשר ניט. לויט זיין מיינונג איז נויטיג „אין גאַנצען צו פערלאָזען דעם מאַטעריאַליזם“.

און מען קאָן טאַקע מיינען, אז דער מאַטעריאַליזם שפּיעלט גאָר קיין ראָלע ניט אין דער מאָדערנער ביאָלאָגיע. דאָס איז אָבער גאָר ניט אזוי. די גרעסטע דענקער און פאָרשער שטעהען גראַדע אויף דעם מעכאַניסטישען שטאַנדפּונקט אין דער ביאָלאָגיע. נעהמען מיר אזעלכע זעלבסט־שטענדיגע פאָרשער, ווי העקעל, מעטשניקאָוו, לע־דאַנטעק, זשאַק לעב און א. וו. — זיי אַלע שטעהען אויף דעם ריין מאַטעריאַליסטישען, ד. ה., מעכאַניסטישען שטאַנדפּונקט. פון די פילאָזאָפען שטעהט אויף דעם מעכאַניסטישען שטאַנדפּונקט אזא דענקער, ווי וואונדט, וועלכען זשיטלאָווסקי וועט בשום אופן ניט בעשולדיגען דערין, אז ער האָט א בעזונדערע נייגונג צו דעם מאַטעריאַליזם, נור אלס א גרויסער געלעהרטער און זעלבסט־

שטענדיגער פאָרשער מוז וואונדט אנערקענען דעם מעכאַניסטישען שטאַנדפונקט. דאָס ערקלערט זיך אויך דערמיט, וואָס אזעלכע דענקער, ווי וואונדט, פיהלען א גרעסערע פעראנטוואָרטליכקייט, ווי אַנדערע, וואָס האָבען בעקומען א ריין־„מעטאַפיזישע" בילדונג.

און נעהמט איהר אין האנד די ווערק פון אזא אויסגעצייכענטען ביאָלאָג, ווי זשאַק לעב, און איהר איבערצייגט זיך, אז די אָרגאַניזמען זיינען, לויט זיין מיינונג, „כעמישע מאַשינען" — גאָר אין גייסט פון א לאַ־מעטריע, — מוזט איהר מיט שטוינען צוקוקען, ווי זשיטלאָווסקי מאַכט אוועק מיט זיין „לייכטער" האנד די מעכאַניסטישע טעאָריע.

און ניט אזעלכע פאָרשער און געלעהרטע ווי לעב אָדער העקעל, וועלכע שטעהען אויף אן אויסגעשפּראָכענעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפונקט, נור אזעלכע געלעהרטע, ווי דער בעקאַנטער פיזיאָלאָג פערוואָרן, אָדער גאָר דער בעריהמטער כעמיקער אָסטוואַלד, וואָס פיהרען א קאַמפּף געגען דעם מאַטעריאַליזם אויף דעם ריין פילאָזאָפישען באָדען, זיינען געצוואונגען אין דער ביאָלאָגיע אָנצוערקענען דעם מעכאַניסטישען שטאַנדפונקט. קיינער איז ניט אזוי „ראַדיקאַל", ווי דער ראַדיקאַלער זשיטלאָווסקי.

די ביאָלאָגיע איז געוואָרען א שטרענגע וויסענשאַפט, זינט זי האָט זיך אָבגעזאָגט פון די אלע אונוויסענשאַפטליכע, ריין מעטאַפיזישע בעגריפען, וועלכע דער ה' זשיטלאָווסקי ענטפּלעקט פאַר דעם לעזער אלס די גרעסטע ענטדעקונג. לעזענדיג זשיטלאָווסקי'ן קאָן מען טאַקע מיינען, אז נור צוליעב דעם זכות פון זיין מיסטישער „לעבענס־קראַפט", עקזיסטירט בכלל די ביאָלאָגיע. דאָס איז אבער א גרויסער טעות. ניט איין ענטדעקונג אין דער ביאָלאָגיע איז געמאַכט געוואָרען מיט דער הילף פון דער „לעבענס־קראַפט". אלע גלענצענדע ערפאָלגען, וועלכע די ביאָלאָגיע האָט ביז היינט דערגרייכט, האָט זי צו פערדאַנקען נור דער מעכאַניסטישער טעאָריע. די מעכאַניסטישע טעאָריע שטופּט ביסלעכווייז ארויס די וויטאַליסטישע, ד. ה., מעטאַפיזישע רעשטען. ניט איין ערנסטער פאָרשער וועט היינטיגען טאָג ארויסרוקען די „לעבענס־קראַפט" אלס א פאָרשונגס־פּרינציפּ. די מעכאַניסטישע טעאָריע איז א רעזולטאַט פון דער עקספּערימענטעלער מעטאָדע. און די עקספּערימענטעלע מעטאָדע מוז פיהרען צו דער מעכאַניסטישער טעאָריע, וועלכע אנערקענט נור א ו ר ז א כ ע ן, די נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט און ג ע ז ע צ מ ע ס י ג ק י י ט אין דער נאַטור.

דאָס לעבען קאָן ניט זיין קיין אויסנאַהם. דאָס לעבען איז מעהר ניט ווי א פּאָרטזעצונג פון דער אַלגעמיינער אנאָרגאַנישער וועלט. דאָס ל ע ב ע ן איז ל ע ב ע ד י ג ע מ א ט ע ר י ע; ד ע ר אָ ר ג א נ י ז ם א י ז א מ ע כ א נ י ז ם.

די אלטע בעגריפען, וואָס זשיטלאָווסקי ברויכט בנוגע דער ביאָלאָגיע — „לעבענס־קראַפט", „צוועקמעסיגקייט", „ציעלען" און ד. גל. מעטאַפיזיש־מיסטישע בעגריפען, האָבען קיין שום וויסענשאַפטליכען ווערט ניט. פון דער אמת'ער וויסענשאַפט זיינען די בעגריפען שוין לאַנג בעזייטיגט געוואָרען, ווי עס איז בעזייטיגט געוואָרען דאָס „רוחניות'דיגע" פּרינציפּ בכלל.

דער וויטאַליזם אין דער ביאָלאָגיע איז דאָסזעלבע, וואָס א ל כ ע מ י ע בנוגע צו כ ע מ י ע. דער וויטאַליזם קאָן גאָר ניט האָבען קיין וויסענשאַפטליכע בעדייטונג. די „לעבענס־קראַפט" איז דאָך א מין וואונדער־פּרינציפּ און וואו ס'איז פאַרהאַן וואונדער, דאָרט עקזיסטירט בכלל שוין ניט קיין וויסענשאַפט.

שלום.

נאָך דעם „לעבענס־פּראָבלעם" האָבען מיר געזאָלט אייגענטליך איבערגעהן צו זשיטלאָווסקי'ס געשיכטס־פילאָזאָפיע און רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, צום רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם און צו דער אידיש־נאַציאָנאַלער ווידערבעלעבונג. אזוי אָבער ווי אונזער ארטיקעל איז שוין אויסגעקומען צו גרויס, מוזען מיר זיך דאָס מאָל אָבזאָגען פון דער אויפגאַבע און לאָזען דאָס איבער אויף אן אנדערס מאָל.

דער רעזולטאַט, צו וועלכען מיר זיינען געקומען, קאָן פאָרמולירט ווערען אין פאָלגענדע ווערטער: זשיטלאָווסקי אין זיין ט ה ע אָ ר ע ט י ש ע ר פ י ל אָ ז אָ פ י ע האָט קיין נייעס ניט אויפגעטהאָן. זשיטלאָווסקי חזרט איבער דאָס, וואָס אַנדערע אידעאַליסטען האָבען פאַר איהם געשריעבען. דאָס וואָלט נאָך אפשר ניט געווען קיין גרויסער אומגליק. איז ער אָבער אלס א „רעוואָלוציאָנער" נאָך ראַדיקאַלער, ווי אלע אַנדערע אידעאַליסטען און דערפיהרט יעדען געדאַנק ביז א לאָגישען אבסורד. זיינע אלע שריפטען צוזאַמען, און יעדער אַרטיקעל בעזונדערע, איז א געוואַלדיגער פּלאָנטער, א קנויל פון ווידערשפּרעכען.

כדי צו ראַטעווען כלומרשט דעם „ראַדיקאַלען" געדאַנק, שטרעבט זשיטלאָווסקי איהם אָבצוטהיילען פון'ם פעראַלטעטען מאַטעריאַליזם און צונויפבינדען מיט'ן „מאָדערנעם" אידעאַליזם. לאָזט זיך אָבער אויס, אז דער „מאָדערנער" אידעאַליזם איז נאָר א שלעכטע קאָפּיע פון'ם אַלטען אידעאַליזם, און זשיטלאָווסקי'ס אידעאַליזם איז א שלעכטע קאָפּיע פון דער שלעכטער קאָפּיע. זשיטלאָווסקי קומט מיט איין וואָרט צום פערשימעלטען מיסטיציזם

און צו דער אידעאַליסטישער מעטאַפיזיק מיט אַלע איהרע אַטריבוטען.

דער מאַטעריאַליזם האָט גרינדליך אויסגעראָט די „שדים“ מיט די רוחות און שוין דערמיט אַליין האָט ער געמאַכט אַ ריינעם פּלאַץ פאַר דעם „פרייען“, „ראַדיקאַלען“ געדאַנק. און די פערדיענסטען אנערקענט דערזעלבער זשיטלאָווסקי, וועלכער שטרעבט ווידער איינצופיהרען די שדים מיט דעם „רוחניות'דיגען“ פּרינציפּ, וועלכען עס דאַרפען זיך אונטערגעבען אונזערע אידעאַלען. און אַז זשיטלאָווסקי'ס „ראַדיקאַלער געדאַנק“, אַז זשיטלאָווסקי'ס „ראַדיקאַלע אידעען“ מוזען קאַפּיטולירען פאַר זיינע „רוחניות'דיגע“ פּרינציפּען, פאַר די „ש ד י ם“, ווערט בעזאָנדערס קלאָר, ווען מען בעקענט זיך מיט זיין „רעליגיע“ און מיט זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע.

דער אידעאַליזם מיט זיין רוחניות'דיגען פּרינציפּ קאָן ניט דיענען אַלס אַ פונדאַמענט פאַר דעם „ראַדיקאַלען געדאַנק“. דער אידעאַליזם — און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע — האַלט ניט אויס קיין ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט ל י כ ע ר קריטיק. דער אידעאַליזם, מיט איין וואָרט, קאָן זיך זעלבסט ניט בעגרינדען, און דעריבער אַליין שוין קאָן ער אויך ניט בעגרינדען דעם „ראַדיקאַלען געדאַנק“.

מרים קאַרפּילאָוו

שיינדעל

ערצעהלונג.

זי איז געווען אַלט אַ יאָהר 16, געהאַט אַ קיילעכדיגע גלאַטע געזיכט מיט פולע, רויטע באַקען, לעבעדיגע, ברוינע אויגען, אַ פרעהליכען, עטוואָס ברייטליכען נעזיל און פולע, פיינע ליפּען.

איהרע בעוועגונגען זיינען געווען געלאַסענע, אויסגערעכענטע. און דאָס האָט איהר צוגעגעבען אַ געוויסע ערנסטקייט, אַ גרויסקייט, וועלכע איך, אַ בעוועגליכע, אַ שפּרינגעדיגע, האָב געזוכט נאָכצומאַכען . . .

איהר טאַטע איז געווען אַ שניידער, אַ גאַנצען לעבען אָפּגענעהט, אָפּגעהוסט און — געשטאָרבען.

מיט נייגעריגקייט פון אַ קינד, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, ווי אימיצער שטאַרבט, בין איך געגאַנגען צו זיי אין שטיבעל . . . איך האָב פון דערווייטען געהאָלפען היטען זיין יציאת נשמה. מען האָט איהם פון בעט אויף דער ערד אַוועקגעלעגט, מיט שוואַרצען געוואַנד איבערגעדעקט און ארומגעשטעלט מעשענע לייכטער מיט חולב'נע ליכט, וועלכע האָבען געברענט מיט טרויעריגע געל־רויטע פייערלאַך. איך האָב געקוקט אויף שיינדעל'ס מאַמע, אַ צוזאַמענגעהויקערטע אידענע מיט קראַנקע אויגען. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, געהאַלטען די הענד פערבראָכען און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַ ווילע געבליעבען אונבעוועגליך און געמאַכט מיט'ן קאָפּ אַהין און צוריק, אויף נ י ט, ווי זי וואָלט וועלען אָפּלייקענען דעם פאַקט פון טויט.

שיינדעל'ס אַ שוועסטער, צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי, האָט געהאַלטעןביידע הענד ביי די אויגען און יאָמערליך געוויינט. שיינדעל, ניט פערקאַמט, ניט איינגעוואַשען, איז געשטאַנען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אין הויף מיט אַ גלייכגילטיגען בליק. מיך האָט עס געוואונדערט. זי האָט גאָר ניט געוויינט, ניט צוגעגאַנגען זיך אָנקוקען זאַט אויפ'ן געשטאָרבענעם, ווי די איבעריגע האָבען געטהאָן.

אין די טעג פון שבעה האָב איך זיי געטראָגען עסען פון אונזער הויז, פלעג אָפּזיצען דאָרט שטונדען לאַנג. צוהערען זיך וועגען מעשיות איבער טויטע, אַריינגעהמען זיי אין זינען און דערנאָך, ביינאַכט אין שלאָף זעהן טויטע, ריידען מיט זיי. געדיינקענדיג גוט, דאָס מען טאָר זיי גאָרנישט געבען . . . עס קען זיך דוכטען אין חלום דאָס דו גיסט זיי עפּעס אַ קלייניגקייט, און עס קען זיך דערנאָך ארויסווייזען, אַז דאָס איז די נשמה . . .

מיר האָט זיך געוואָלט מיט שיינדלען רייַדען וועגען דעם. איך האָב זי געהאַלטען פאַר אַ גרויסע ווייסערקע אין דער פראַגע פון טויט: ביי איהר זיינען דאָך געשטאָרבען 3 ברידער, 4 שוועסטער, אַ קאָזין און איצט דער טאַטע!

— עס וואָלט אַזוי גוט געווען, ווען קיינער וואָלט ניט שטאַרבען, — האָב איך איינמאָל, צו פערפיהרען אַ רייד מיט איהר וועגען טויט, געזאָגט.

— פון מיינטוועגען, — האָט זי געענטפערט — מעגען אַלע צושטאַרבען.

— אַלע ? פאַר וואָס ? !

—אַזוי.

„אַזוי“ איז געווען אַ וואָרט ביי איהר, מיט וועלכען זי פלעגט ענטפערען אויף אַ סך פראַגען. און איך האָב ווייטער געפרעגט: וואָלט דאָס איהר גאָר ניט אַרען ?

— ניט אויף אַ האָר. אַרט אַלעמען וואָס מיר שטאַרבען ? מיר שטאַרבען זיך איינכ נאָכ׳ן אַנדערען און קיינעם אַרט ניט.

— עס קען זיין דאָס עס אַרט יע, נאָר מען קען ניט העלפען. — האָב איך זיך געפרופט פערענטפערן. זי האָט מיך אָבער איבערגעהאקט:

— טויט קומט פון קריינק. און אַ קריינק קען מען היילען, אַז מען האָט געלד, מיר האָבען ניט, נו, שטאַרבען מיר. וועט זיין מיט אַביסעל אָרימע לייט וועניגער, ס׳אַגאַנצע דאגה איז זיי ! מיינע בהידער און שוועסטער האָט מען געהייסען געבען „וויגאָדע“. וויגאַדע קאָסט געלד און זיי זיינען אַוועק אַהין, וואו מען דארף פאַר קיין זאַך ניט צאָהלען. מיין טאַטע איז, מיינט איהר, געשטאָרבען פון אַלטקייט ? ניין, פון אָרימקייט. איצט וועט די מאַמע שטאַרבען, די שוועסטער און איך.

— איהר וועט ניט שטאַרבען, צו וואָס רעדט איהר אַזוי . . .

— איך וועל יע שטאַרבען.

— איהר זייט דאָך געזונד.

אַלס ענטפער אויף די ווערטער האָט זי אַ כריפּעדיגען הוסט געטהאָן, געכאַפּט זיך מיט׳ן האַנד צום מויל און אַוועק אָן אַ זייט . . .

שיינדעל, דעם שניידערכ מיידעל, מיט אַבע דעם סוחר׳ס טאָכטער — זיינען געוואָרען חבר׳טעס. אַלע מיינע בעקאַנטע האָבען זיך געוואונדערט, וואָס איך האָב אויסגעקליבען אַזאַ „פּאַדרוגע“, אַ שניידערס אַ טאָכטער.

זי מיט דער שוועסטער האָבען גענעהט און פערדינט קוים צום לעבען פאַר זיך און זייער האַלב בלינדע מאַמע. אויף „זייטיגע“ זאַכען האָט ניט געסטייעט. איך האָב געזעהן צו פערשאַפען איהר אָט די „זייטיגע זאַכען“: טעאַטער, לאָדקעס, נאַשערייען און ד. ג. נאָכ׳ן אָנלויפען זיך אָן אַבענד אָדער אַ שבת מיט אַ סך פון מיינע, וועלכע זיינען אויך געוואָרען איהרע בעקענטע, פלעגען מיר דערנאָך, ביז׳ן איינשלאָפען (איך פלעג וועלען זי זאָל ביי אונז נעכטיגען) ריידען איבער אַלעס און אַלעמען. איינמאָל האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף צוליעב איהר הוסטען. זי האָט פערגראַבען דאָס געזיכט אין קישען און געשטיקט זיך. איך האָב זי געפרעגט:

— וואָרום געהט איהר ניט אַריין צו אַ דאָקטאָר ?

— איך דארף ניט קיין דאָקטאָר. איך בין געזונד.

— אָבער איהר הוסט — —

— איהר הוסט אַמאָל אויך.

איך האָב זי קוים איינגערעדט צו געהן מיט מיר צו אונזער שטענדיגען דאָקטאָר. אָפּגעהיט ווען ער איז געווען אַליין, האָב איך איהם געפרעגט, וואָס איהר איז, און ער האָט מיר געזאָגט: אָן אנפאנג פון שווינדזוכט, אַ רחמנות, אַזאַ יונגע, אַז זי זאָל קענען אויספיהרען אַלעס וואָס מען דארף, וואָלט זי זיך נאָך קענען אַרויסראַטעווען. זי איז נאָך יונג.—

— וואָס האָט מיט אייך דער דאָקטאָר גערעדט ?—האָט מיך שיינדעל, געהענדיג אַהיים, געפרעגט.

— ער האָט געזאָגט, דאָס איהר דארפט נאָר וועלען, וועט איהר מעהר קיינמאָל ניט זיין קראַנק. קאָמפּאַני דארפט איהר און אַביסעל מעהר צוזעהן זיך—

— „וויגאַדע“, יע ? אַ זאַך, וואָס מען האָט אונז אַלעמען געהייסען האָבען. און זיי זיינען אַוועק אָהן דעם . . .

— אָבער איהר וועט ניט אַוועק, איהר וועט בלייבען דאָ.

— אָט וועלען מיר זעהן !

מיר האָבען אָפּגעהוליעט אַ זומער, ווי זאָרגלאָזע פייגעלאך—טהעאַטער, סעדער, לאָדקעס, וואַלד־שפּאַציער, סכאָדקעס און איבערהויפּט קאָמפּאַניע, לעבעדיגע קאָמפּאַניע. אַ באַנדע שפּרינגער, שטיפער, ערענסטע פּראָזיאָרען, „טונקעלע הערצער“, עקסטערנס, אַגענטלאַך, פּאָטאָגראַפער, לעהרער — אַלערליי!

אַלע האָבען זי ליעב געהאַט, און אַלעמען האָט זי ליעב געהאַט — שטיפען, ריידען, לאַכען, „ספּאָרען“. קאקעטירען מיט איהר גלייכגילטיגקייט צום טויט. אויסהערען קאָמפּלימענטען, דערנאָך מאַכענדיג זיך לוסטיג איבער זיי — זי האָט געלעבט !

איך בין געווען גליקליך פאַר איהר. און ווען דער דאָקטאָר האָט, זי איינמאָל טרעפענדיג ביי אונז, אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט בנוגע איהר אויסזעהן, האָט זיך מיר געוואָלט וואַרפען איהם קושען. נאָך זיין אַוועקגעהן האָט מיך די מאַמע צוגערופען און געזאָגט, איך זאָל מיך האַלטען ווייטער פון שיינדלען, וואָרום איך קען זיך נאָך אָננעהמען פון איהר און קראַנק ווערען. איך האָב מיט האַרץ געשטעלט זיך דאַגעגען: „ווען האָט זי אַ הוץ מיר ? וואָס וואָלט זי טאָן, אַז שיינדעל וואָלט געווען א י ה ר טאָכטער ?“ איך האָב זיך צו׳טענה׳ט, ביז כ׳האָב אַרויסגעבראַכט די מאַמען פון געדולד און זי האָט מיך אַוועקגעטריבען פון זיך.

שיינדעל׳ס שוועסטער איז געוואָרען אַ כלה פאַר אַן אַלמן אין אַ קליין שטעדטעל. נאָך די תנאים האָט מען גיך געשטעלט חופּה, און זי איז מיט איהר מאַמע׳ן אַוועקגעפאָהרען

און איבערגעלאָזען שיינדלען אַליין. ביי אונז אין הויז איז געווען פרעהליך. שיינדעל איז ביי אונז געווען, ווי אן אייגענע, א סך האָבען זי טאַקע פאר אזעלכע גערעכענט. מיר האָבען אפילו געטראָגען איינע קליידער. איך האָב זי אין דער שטיל געלעהרענט, געלעזען מיט איהר צוזאמען און ד. ג.

פון איהר שוועסטער איז איהר אָנגעקומען א בריעף וועגען איהר מאַן; זי איז אריינגעפאַלען. פון דאָס, וואָס מען האָט פריהער גערעכענט א שמאַלץ־גרוב, איז געבליעבען א גרוב אַליין . . . ער איז געווען זעהר גראָב, פלעגט זיך נוקם זיין דערפאר, וואָס די מאַמע איז ביי איהם. די מאַמע פיהלט זיך שוואַך און זי אַליין פיהלט זעהר ניט גוט . . . די מאַמע זאָגט, אַז ווען די גליקליכע צייט וועט קומען, וועט ער צו איהר ווערען בעסער. ער וויל דאָך האָבען א קדיש.

איך האָב צו זיי געשריעבען — זיי זאָלען ניט ערגערען שיינדלען מיט זייערע בריעף. דאן האָבען גענומען אָנקומען בריעף, אַז אַלעס איז גוט. ער ווערט בעסער און וויל שוין אפילו, אַז שיינדעל זאָל אויך קומען און זיין ביי זיי.

שיינדעל האָט געוואָלט ליעבען און געליעבט ווערען. פון איהר פריהערדיגע ערביטערונג געגען דער גאַנצער וועלט איז פערבליעבען אַ לייכטע איראָניע אין ריידען. פון אַלע בעקאַנטע איז געווען איינער, אַ שעהנער אַגענט פון נעה־מאַשינען, וועלכען זי האָט געשיינקט בעזאָנדערע אויפמערקזאמקייט. זיינע קאמפלימענטען פלעגען זי ברענגען אין א געהויבענער שטימונג. זי האָט מיט איהם אָפט געקריעגט זיך איבער זיינע פרייע בענעהמונגען, נאָך וועלכע זי האָט דאָך געביינקט. איך האָב געזעהן, וואָס דאָ קומט פאָר, און פלעג אונבעמערקט ניט ווערען, ווען מיין אנוועזענהייט האָט זיך געפיהלט איבעריג. זי פלעגט מיר דערפאר דערנאָך אַלעס דערצעהלען. איך פלעג פיהלען, דאָס זי דערצעהלט נאָר וואָס ס'איז געווען געזאָגט פון איהם, און עטוואָס פון דאָס וואָס זי האָט דערביי געפיהלט. איך האָב עס ניט געזוכט צו דערגעהן. מיר האָט זיך געוואָלט, זי זאָל פון מיר האָבען וואָס צו בעהאַלטען . . .

איין מאָל נאָך דעם, ווי זיי זיינען פערבליעבען א וויילע אליין — האָט זי מיך אויפגערעגט געפרעגט, צו וואָס האָב איך זי בעדארפט לאָזען אַליין.

— אַליין? — האָב איך נאַאיוו געפרעגט
— דער איז דאָך מיט איך געווען. —
— ווייטער זאָלט איהר דאָס ניט טהאָן...
— ניט? פאר וואָס? ווייטער אַז איך וועל דארפען אוועקגעהן, וועל איך ווייטער געהן — האָב איך זיך געריצט. כ'האָב זי אַ נעהם געטאָן פאר די הענד און לאַכענדיג געקוקט אין די אויגען . . .

— וואָס איז דאָס פאר אַ מינע? — האָט זי מאַכענדיג זיך בייז געפרעגט. — וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר?

— ניט אויף אייך, אויף אייער באַק...

— וואָס איז דאָרט אויף איהר?

— אַ־אַ־אַ קוש! — האָב איך געזאָגט און אונטערגעשפרונגען מיט אַ שטיפערישען געלעכטער.

— מאַכט זיך ניט נאַריש! —

— נו, נו, דערצעהלט, ווי אַזוי איז דאָס געווען, גיכער, איך בין אונגעדולדיג.

— איך האָב דאָס ניט ערוואַרטעט — פון איהם . . .

— פון וועמען דען?

— איך מיין ערענסט, ס'איז אַ נאַבאַלסטווע אַזוי... וואָס וואָלט איהר טאָן ווען אימיצער כאַפּט אייך פּלוצלונג — קושען?

— נו, עס פערשטעהט זיך. איך וואָלט זיך ניט געלאָזען . . .

— און אַז דער ניט לאָזען העלפט ניט, נאָר פערקעהרט? —

— דאַן איז פאַרפאַלען, איך וואָלט נאָך דעם געטאָן איינס פון דאָסביידע, ענטוועדער געגעבען איהם אַ שטויס פון זיך אָדער . . . ברוגז ווערען — — ברוגז ווערען ביז ער זאָל מיך איבערבעטען. ג ו ט איבערבעטען. דאַן וואָלט איך איהם פערגעבען אַ ז ו י דאָס ער וואָלט מיך פאר בעגייסטערונג איבער מיין גוטסקייט — ווייטער קושען — —

זי האָט זיך פערטראַכט אַ ווייליע, און דאַן געזאָגט:

— ער מיינט, אַז אַן אָרימער שניידערקע מעג מען טאָן וואָס מען וויל. —

— אַ קוש איז נאָך ניט, וואָס מען וויל — ס'איז ווי מען נעהמט עס. דערצו איז ער ניט קיין פרינץ. ניט מעהר ווי אן אַגענט פון די מאַשינען, אויף וועלכע איהר נעהט. איהר זייט אַזוי קלוג, אַזוי גוט, אַזוי שעהן ווי ער, גלייכע מענשען, וואָס פעהלט?

— עס פעהלט געלד, נדן — האָט זי נערוועז אַ לאַך געטאָן.

— אַזאַ מיידעל, ווי איהר, דאַרף קיין נדן ניט.

— אָבער אַזאַ בחור ווי ער דאַרף. ער האָט וויפיעל מאָל גערעדט מיט בעגייסטערונג וועגען די בעקאַנטע זיינע, וואָס האָבען אריינגעקראָגען א סך געלד נדן.

מיר האָבען זיך מיישב געווען וואָס צו טאָן און אָפּגעמאַכט, מיר זאָלען מיט איהם זיין ברוגז. איך אויך.

איינמאָל האָב איך איהם אָנגעטראָפען. איך האָב זיך גאָר פערגעסען וואָס איך בין אויף איהם ברוגז. א צייט האָבען מיר גערעדט, געשפּאַסט.

כ׳האָב איהם דערצעהלט וועגען שיינדעל׳ס מעלות, ווי איך ליעב זי, וואָס פאר א שטאָלצע זי איז, ווי אלע אין הויז ביי אונז ליעבען זי, און ד. ג. נאָך אין דעם זעלבען אבענד איז ער ביי אונז געווען. ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי אַרומגעגאנגען. איך בין שוין לאנג אין בעט געלעגען, ווען שיינדעל איז געקומען, לאנגזאם אויסגעטאָן זיך און פּאָרזיכטיג, מיך ניט אויפצואוועקען, געלייגט זיך מיט אַ זיפץ. איך האָב זי געוואָלט פרעגען און זיך אָפּגעהאַלטען: זי וועט אַליין זאָגען, אַז זי וועט וועלען . . .

און זי האָט געזאָגט: „גאָרנישט מיט גאָרנישט — — ניט געווען פאַר וואָס ברוגז צו ווערען. ס׳איז ווי מען נעהמט עס, אַז איך וויל, זאָג איך: א פליעג האָט מיך אַ בים געטאָן. ער האָט מיך זעהר געבעטען איך זאָל איהם מוחל זיין. ער וועט עס מעהר ניט טאָן. ער וויל, מיר זאָלען זיין גוטע פריינד. ער האָט מיר דערצעהלט זיין גאַנצע ביאָגראַפיע פון קינדער־ווייז אָן“.

אַ פערבאָרגענער טרויער האָט ארויסגעקוקט זייט דאַן פון שיינדעל׳ס אויגען. ער איז געווען פערשטעלט מיט א שמייכעל, א וויטץ, א געלעכטער. אין זיין אבוועזענהייט האָט זי נאָך מעהר געלאַכט און געשטיפּט מיט אַנדערע. ער האָט אויף דעם געמאַכט בעמערקונגען, אז עס איז ניט גוט ווי זי האַלט זיך. זי האָט עס צוגענומען פאר א צייכען פון אייפערזוכט און געוואָרען נאָך פרעהליכער. זי פלעגט אָפט לאַכען ביז צום פערהוסטען זיך — —

פון דער היים, ווי זי האָט גערופען די הויז אינ׳ם שטעדטעל וואו איהר מאַמע, שוועסטער, פלימעניקעל אין שוואָגער האָבען געוואָהנט, האָט זי גענומען ערהאַלטען בריעף איינס נאָך׳ן אַנדערען, זי זאָל קומען. ביי זיי איז איצט זעהר גוט. ער, דער שוועסטער׳ס מאַן, איז גאָר אן אַנדער מענש געוואָרען. ער האָט שרעקליך ליעב דאָס קינד. זיי האָבען א הויז פול מיט גוטס. אן אייגענע בהמה. זיי דערמאָהנען זי, שיינדלען, יעדער מאָל ווען זיי קוקען אויף דער בהמה; זי וואָלט ראָך קענען טרינקען 3 מאָל א טאָג פרישע מילך. צו זיי קומען אריין מענשען און פרעגען זיך נאָך, ווען וועט שוין אמאָל קומען זייער בעריהמטע שיינדעל. ווער עס זעהט איהר פאָטאָגראַפישע קאַרטאָטשקע, ווערט פשוט משוגע. איינער, דאָרט, וויל זי גאָר צונעהמען (זאָל מען איהם געבען?).

מען האָט אין די בריעף אַלץ גערעדט וועגען אַ תכלית. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. פאָהרען האָט זיך איהר אי יאָ געוואָלט, אי ניט געוואָלט. זי האָט ניט געוואָלט איבערלאָזען אונז אַלעמען. אָבער, האָט זי געזאָגט, צוריק ריידענדיג, וועט זיין נאָך בעסער צו שיידען זיך א ווײַלע. זעהן ווי עס וועט זיך בענקען, קומען צוריק און זיין א גאַסט. יע, זי וועט פאָהרען. און אָנגרייטענדיג פרעזענטען פאַר יעדען בעזונדער, בעזאָנדערס פאַר דעם אונבעקאַנטען נאָך פלימעניקעל, האָט זי זיך מיט אונז צוזעגענט און אוועקגעפאָהרען.

די ערשטע וואָך פון איהר קומען אהין האָט זי מיר געשריעבען, אז ס׳איז א בלאָטיגע שטעדטעל, זי איז אין איהר אריינגעפאָהרען מיט א רעגען. דער שוואָגער איז דערזעלבער וואָס פריהער, נור זיין גראָבקייט איז געוואָרען אביסעל אן איידעלערע. די שוועסטער איז געוואָרען גראָב, געפעהרליך צושוואומען, און איז פערנומען אין גאַנצען מיט׳ן זוהן, וועלכער איז א גרויסער שרייער. די מאַמע איז קראַנק אויף די אויגען און שוואַך אין געזונד, זי רייסט זיך צו טהאָן הויז־אַרבייט (צו ווייזען דעם איידעם דאָס זי פערדיענט איהר ברויט) און אין דער פרייער צייט מאַכט זי זאָקען פאַר אַלעמען. עסביינקט זיך איהר נאָך אונז, זי וואָלט שוין וועלען צוריק פאָהרען, נור עס פּאַסט ניט אזוי גיך.

איך האָב איהר גלייך געענטפערט, אויסגעשריעבען איהר אַלעס, דערמאָנט דעם אַגענט, ווי ער געהט ארום אזוי ווי אימיצער וואָלט איהם אָנגעוואָהרען . . . איז אומעדיג און זויער. (רעכט אויף איהם!). געבעטען זי זאָל שרייבען מעהר און קומען גיכער, עס איז אומעדיג אָהן איהר, איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן אליין. נאָכגעפרעגט זיך אויף דער בהמה און אויף דעם, וועלכער וויל — האָט געוואָלט — צו׳גנב׳נען איהר בילד.

עס זיינען אריבער א פּאָאר וואָכען ביז איך האָב בעקומען אן ענטפער. זי האָט זיך בעקלאָגט אויפ׳ן לעבען. אַלעס פאַלט מיט די פוטער אראָפּ. די בלאָטע איז דאָרט זעהר א גרויסע, זי האָט מורא, זי וועט אין איהר „איינגעוויאַזשניען“ . . . דער „גליק“ מיט דער בהמה קען זי דערצו צווינגען. מילך און ברויט — דאָס איז וואָס איהרע דיינקען, אז איהר פעהלט. איהר נשמה איז גאָרנישט . . . און זי האָט א נשמה, א לעבעדיגע נשמה, וועלכע פערלאַנגט גליק, אמת׳ן גליק . . . ער, דער גליק, וועגען וועלכען דער שוואָגער האָט א זעהר הויכען מיינונג (מסתמא ווייל ער איז אזוי עהנליך צו איהם), לאָזט זי ניט צו רוה. פערפאָלגט זי מיט פרעזענטען, פון ביליגען סאָרט, פערשטעהט זיך. ער איז א מאַטראַצען־מאַכער (דעריבער קען ער אַזוי בעט׳ען), פערדיענט ניט פיעל, אָבער, ער דאַרף, זאָגט ער, ניט פיעל. אַז מען לעבט שפּאָרזאַם, געהט ווייניג אַוועק. זעהר ניט קיין שעהנער. ניין, עס ציהט איהר ניט די האַרץ צו איהם, גאָרניט, גאָרניט! וואָס זאָל זי טהאָן?

— קומען צוריק — האָב איך איהר גלייך געשריעבען, און — געוואַרט א לאַנגע צייט אויף אן ענטפער אָדער אויף איהר. ביידע האָבען זיך פערזאַמט. איך האָב ווייטער געשריעבען, ווייטער געוואַרט און ניט בעקומען

קיין ענטפער. מיר איז געקומען א געדאַנק פלוצלונג קומען אהין, צו איהר, אונגעריכט, אוועקנעהמען זי און מעהר ניט לאָזען זי ביז זי וועט זיך ניט „פריסטראָיען“... יע, אזעלכע גליקען, ווי דאָרט, וועט זי קיינמאָל ניט פערשפּעטיגען.

אין איין הייסען פאַרנאַכט האָב איך פלוצלונג ערהאַלטען אן אָפּענעם בריעף, דאָס שיינדעל איז דאָ, נעכטען געקומען, איז ביי זייער'ן אַ פריינד, און וויל מיך זעהן וואָס גיכער. מיט איהר זיינען אויך אָנגעקומען די מאַמע מיט דער שוועסטער, מיט'ן קינד — אַלע ווילען מיך זעהן. ווייטער איז געווען דער אַדרעס און דעם פריינד'ס בלאַסע אונטערשריפט: ה. שולמאַן.

איך האָב מיך גלייך אָנגעטהאָן צו געהן. צו דער צייט איז געקומען צו אונז א בעקאַנטער — דער פּאָעט, ווי מיר פלעגען איהם רופען. געבעטען די ערלויבניס צו זיין מיין בעגלייטער. איך האָב איילענדיג צוגעשטימט און מיר זיינען ביידע אַוועק. קוים אויסגעפינענדיג אין א זייטיגער גאַס, אויף אַ שמוציגען הויף, דעם ה. שולמאַנ'ס וואָהנונג, האָבען מיר זיך געלאָזען צום ניעדעריגען אריינגאַנג פון פאָרהויז. איבערטרעטענדיג דעם שוועל, זיינען מיר געבליבען שטעהן ווי פאַראַליזירטע.

אויף א שמוציגער לייוועַנטענער בעטעל איז געלעגען איינע מיט א וואַקס־געלבען געזיכט: גרויסע אויסגעלאָשענע אויגען. די באַקען־ביינער האָבען הויך ארויסגעטראָטען איבער די איינגעפאַלענע באַקען, ליפּען — בלאַסע, צוטריקענטע, און די ווינקלען פון זיי געלע פערטריקענטע נאַסקייט; די הענד זיינען געלעגען מאַכטלאָז פון ביידע זייטען צוטריקענטען קערפּער, וועלכער האָט פון אונטער דער ברודנער ליילאַך אויסגעקוקט קליין און קלעגליך.

און דאָס איז געווען שיינדעל... זי האָט געמאַכט א בעוועגונג אויפצוזעצען זיך, ווען זי האָט מיך דערזעהן, אָבער זי האָט געמוזט צוריק בלייבען ליגען. זי האָט צו מיר א שמייכעל געטהאָן און אָנגעוויזען מיט'ן האַנד אויפ'ן ברעג בעט, איך זאָל מיך זעצען.

איך האָב מיך געזעצט אויף א בענקעל. שיינדעל האָט געפרעגט אויב איך האָב שוין מורא צו זעצען זיך נעבען איהר. איך האָב איבערגעגעבען דעם ביינקעל צו מיין בעגלייטער און, זעצענדיג זיך אויפ'ן ראַנד בעט, גענומען איהר האַנד.

— וואָס מאַכט איהר? — איך האָב גלייך געפיהלט ווי נאַריש אַזאַ פראַגע איז פון מיר געווען. אָבער, איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, ווי צו קוקען. מיינע אויגען, מיין האַרץ, מיין געדאַנק, אַלעס איז ווי פאַראַליזירט געוואָרען. עפּעס האָב איך געפיהלט א מין פרעמדקייט. דאָס איז געווען ניט שיינדעל... וואו האָבען זיי אהינגעטהאָן מ י י ן שיינדעל?

איך האָב מיך אומגעקוקט אויף די ארומיגע. די מאַמע איז געזעסען צו־פוסען אויף א הילצערנער קעסטעל און זיך געשאָקעלט צום טאַקט פון איהרע טרויעריגע געדאַנקען. די שוועסטער מיט א טעמפּען בליק האָט געקוקט אויף איהר קינד, וואָס האָט געשלאָפען מיט אן אָפענעם מייכעל.

— וואָס מאַכט איהר, וואָס מאַכען אַלע?

— האָט מיך שיינדעל געפרעגט. און אויך דאָ האָב איך געענטפערט נאַריש: גאָרנישט — — אַלע זיינען געזונד — — און מיר איז געוואָרען מאָדנע, ווי מיר אַלע וואָלטען שולדיג געווען מיט'ן געזונד זיין. איך האָב געפרעגט איהר שוועסטער, ווי לאַנג איז דאָס ווי זי איז אזוי... קראַנק געוואָרען... — שוין מעהר ווי א חודש — האָט זי געענטפערט — זי האָט זיך כסדר געריסען צו אייך...

— פאַרוואָס האָט איהר זי ניט געלאָזען?

— מיר האָבען געוואַרט זי זאָל בעסער ווערען.

— איהר זעהט, ווי איך בין בעסער געוואָרען? — האָט שיינדעל זיך אָנגעשטריינגט צו שמייכלען — אויב אזוי וועט געהן ווייטער וועל איך באַלד ווערען גאָר גוט...

מיר האָט זיך געוואָלט וויינען. אין האַלז האָט מיר געוואָרגען. דאָס האַרץ צוזאַמענגעדריקט. איך בין ארויסגעלאָפען פון פירהויז אויפ'ן הויף, און אָנשפּאַרענדיג זיך אָן א צופוילטען סלופּ, האָב איך זיך ביטער צואוויינט.

איך האָב געוויינט, ביז איך האָב שוין מעהר ניט געקענט וויינען. דאַן האָב איך געפאָלגט מיין בעגלייטער, בעהערשט זיך צו מאַכען א רוהיגע געזיכט און געהן צו איהר. „זי וויל מיך, זי פרעגט, וואוהין איך בין אַוועק, זי וויל מיך זעהן“...

— ווי שעהן איהר זייט אָנגעטהאָן. די קלייד פאַסט אייך אזוי — האָט זי מיר געזאָגט, ווען איך בין נעבען איהר ווייטער געזעסען. און מיר איז געוואָרען נמאס די קלייד פאַר איהר שיינקייט.

— וועגען וואָס טראַכט איהר? — האָט זי מיך א ווײלע שפּעטער געפרעגט.

— וועגען — — וועגען דעם, דאָס דאָ איז פאַר אייך קיין אָרט ניט, שיינדעל. איך וועל שוין געהן זעהן פאַר אייך א צימער, נעבען א וואַלד, איהר זאָלט האָבען אַלעס בעקוועם.

— נעהמט א צימער פון וואָך... — האָט זי פיעל־בעדייטענד א מאַך געטהאָן מיט די אויגען — קיין מאָנאַטען. וועל איך דאָ ניט זיין, און איילט ניט. זיצט נאָך דאָ, זעהט, ווי אונזער פּאָעט איז פאַרטרוימט. איך קען קלערען, דאָס ער בעשרייבט מיך איצט. ווידמעט מיר אַ ליעד. גאָספּאָדין לובאָוו, איך וועל עס מיטנעהמען און פאַרלעזען דאָרט פאַר זיי. ווי דענקט איהר, מתים האָבען ליעב פּאָעזיע?

— וואַרט, איהר וועט געזונד ווערען, וועל איך זיך מיט אייך אָפּרעכענען פאַר לאַכען איבער מיר. — האָט ער געזאָגט.

מיר זיינען שפּעטער אַ ווײַלע אַוועק זוכען א צימער. מיר זיינען געפאָהרען ווייט אונטער'ן שטאָדט, וואו די דאַטשעס זיינען געווען. מיר האָבען אויסגעפונען א צימער, בעצאָהלט פאָראויס פאַר א מאָנאַט, און אָנגעזאָגט, אז מאָרגען פריה ברענגען מיר די קראַנקע.

די נאַכט איז געווען זעהר א שעהנע, און מיין בעגלייטער האָט ניט געוואָלט אזוי גיך פערלאָזען דעם פּלאַץ. מיר האָבען זיך צוגעזעצט אויף אַן אונטערגעהאַקטען בוים. איך האָב געטראַכט וועגען איין זאַך — וועגען שיינדעל'ס אויסזעהן — — קען זיין זי זאָל נאָך צוריק געזונד ווערען? ניין — האָב איך זיך אין געדאַנקען געענטפערט. דאָס איז דער סוף. ווי גיך ער איז געקומען. געבאָרען געוואָרען, געליטען און געשטאָרבען? פאַר וואָס?

עס איז שוין געוואָרען שפּעט. איך האָב זיך דערמאָנט, אז איך מוז פאָהרען א היים. מיר האָבען נאָך אזוי ווייט צו פאָהרען.

— מיר האָבען די קראַנקע פערשפּעטיגט. ווילט איהר פאָהרען מיט א „איזוואָזטשיק“?

— ניין, מיר'ן געהן — האָב איך זיך געשטעלט, און מיר זיינען געגאַנגען. דער לעבען האָט מיר אויסגעקוקט קליין, אונווירדיג. צו וואָס די אַלע טראַכטענייִשען, אנשטריינגונגען? אַלעס געהט, פיהרט צום טויט — — —

אויף מאָרגען פריה בין איך צוגעפאָהרען צו שיינדלען, זי נעהמען אויף דער דאַטשע. עס איז געווען היים און שטיקענד. מיר האָבען זי פאָרזיכטיג ארויפגענומען אויף אַן איזוואָזטשיק און געהייסען שטיל פאָהרען. לובאָוו'ן האָב איך געשיקט רופען דעם דאָקטאָר, ער זאָל דאָרט זיין וואָס פריהער. איך האָב אַליין געזוכט אויפצומונטערן מיין ליידענדע פריינדין, דערצעהלט איהר פערשיעדענע זאַכען, וועלכע האָבען מיר געשיינט צו זיין אינטערעסאַנט. אויף א ווײַלע האָט אויפגעבליצט דער אמאָליגער לעבעדיגער פייער'ל אין איהרע טיעפע אויגען. איך האָב דערמאָנט, דאָס איך האָב באגעגענט דעם אַגענט, ער האָט זיך זעהר נאָכגעפרעגט אויף איהר און געזאָגט, דאָס ער וועט געוויס קומען צו איהר.

ווען מען איז צוגעפאָהרען צום הויז, האָט זי אויסגעדריקט א פערלאַנג צו בלייבען אביסעל אויסער'ן הויז, זיך אָפּרוהען פון דער רייזע. זי האָט גערעדט זעהר שוואַך און צוצויגען. נאָך יעדערע פּאָאר ווערטער נעצענדיג זיך מיט'ן צונג די ליפּען, אָדער צולייגענדיג צו זיי א טיכעל אום אָפּצואווישען זיי.

— עס קען זיין איך זאָל דאָ קומען צו זיך — האָט זי געזאָגט ארומקוקענדיג זיך. דאָ איז אזוי שעהן, לופט אזוי פיעל און וויגאָדע... איך וועל דאָס נעהמען, וויפיעל מען זאָל מיר געבען, מיך וועט שוין ניט אַארען, אז מען וועט עס פאַר מיר טהאָן... דער לעבען איז נאָך אַלעמען א שעהנערע זאַך פון טויט. ווי זאָגט איהר, מיין טייערע?

— יע, — האָב איך געענטפערט מיט א זיפץ — דעם טויט פערשפּעטיגט מען ניט. מיר וועלען נאָך האָבען צייט צו שטאַרבען. ווילט איהר אין צימער? — האָב איך זי געפרעגט און זעהר געוואָלט זי זאָל זאָגען: „יע“, וואָרים די דאַטשניצעס מיט די דאַטשניקעס האָבען ארויסגעהענדיג און אריינגעהענדיג אין הויז געוואָרפען אויף איהר דורכדרינגליכע און ווייט ניט קיין גאַסטפריינדליכע בליקען. זי האָט געבעטען נאָך א ווײַלע זיין דאָ, זי האָט מורא געהאַט דאָס אריינקומענדיג אין צימער וועט זי זיך פוילען ארויסצוגעהן פון איהם...

די שניידערקע, ביי וועלכע זי האָט געוואוינט, דערהערענדיג, דאָס זי איז דאָ, איז געקומען צו פאָהרען אָנברענגענדיג מיט זיך א סך גוטע זאַכען. זי האָט זיך געצוואונגען מיט איהר צו ריידען רוהיג, איהר שטימע האָט אָבער געציטערט און ניט קענענדיג מעהר אויסהאַלטען איז זי אריין אין הויז מיט אַן אויסרייד צו זעהן איהר צימער, אום זיך אויסצואוויינען.

— שיינדעל, זעהט זיך צו „פּאָפּראַווען“ — האָט זי איהר געזאָגט פאַר'ן אַוועקגעהן — איך וועל קומען אהיים און שיקען אהער א פּאָאר פון די מיידלאַך. זיי ווילען אייך זעהן. גיט זיי דאָ אַרבייט, זאָלען זיי אייך פערקאַמען, —

— איך בין אזוי אויך שעהן — האָט זי געלאַכט און עס האָט זיך געוואָלט וויינען פון אזאַ געלעכטער...

— איצט וועלען מיר געהן אין צימער — האָב איך געזאָגט — און שיינדעל האָט זיך קאַפּריזנע א קרים געטהאָן: וואָס זוך איך זי אזוי איינצושפּאַרען? האָב איך זי ניט גענומען אהער צוליעב פרישע לופט?

די שוועסטער מיט'ן קינד און די מאַמע זיינען געזעסען אָן א זייט אויפ'ן גאַניק ווי א גרופּע אָבגעברענטע. דער פּעקעל מיט די זאַכען פאַר'ן קינד איז געווען אָפּען און פון איהם האָט אַרויסגעקוקט בלאָטיגע וועש, פערטריקענטע מיט געלכלאַך פון אייער־לעפעלאַך, אַ פלעשעל פון מילך.

— דער דאָקטאָר וועט קומען פאַרנאַכט — האָט לובאָוו געזאָגט, מיט שנעלע טריט צוקומענדיג צו אונז. — נו, וואָס מאַכט אונזער שיינדעלע, אָה, זי קוקט היינט אויס א סך בעסער, ווי נעכטען, א סך בעסער! ווי געפעלט אייך דער צימער, אמת א שעהנער צימער?

— איך האָב איהם נאָך ניט געזעהן.

— קומט מיט מיר, איך וועל אייך ווייזען.

— ס'איז איך גרינג צו זאָגען, קומט. לאָזט זיך מיר אָפּרוהען — —

— איך וועל איך נעהמען אויף די הענד. נעהמט מיך ארום.

— איך שעם מיך — האָט זי געלאַכט. און אונזערער אַלעמענס געזיכטער זיינען דערביי פרעהליכער געוואָרען. — ער האָט זיך צוגעבויגען צו איהר, צאַרט ארומנעמענדיג זי, און וואַרטענדיג ביז איך האָב איהר אָבגעווישט די ליפּען, גענומען לאַנגזאַם געהן אין הויז. דאָ האָט ער זיך אָבער גַעמוזט אָפּשטעלען, ווייל אין הויז איז געווען א גרויסער טומעל, א סך שטימען אויף א מאָל האָבען זיך געהערט. — „מיר וועלען פון דאַנען אַלע אוועק“. „מיר זיינען ניט געקומען אהער פערלירען. מיר זיינען געקומען אהער געווינען!“ „פּאַר אזעלכע דאַרף מען האָבען אַן אַנדער אָרט“... — „פּאַר געלד וואָלט איהר אונז אַלעמען אומגעבראַכט“. —

— עס מוז זיין א סטרייק פון די דאַטשניקעס... — האָט לובאָוו געזאָגט און צוריק אַוועקגעלעגט שיינדלען אויפ'ן דאַטשנעם שטול.

באַלד זיינען אַלע שטימען געקומען נעהענטער צום טהיר. איך האָב פערשטאַנען, דאָס זיי ווילען ניט האָבען שיינדלען... „זי איז א שווינדזיכטיגע, זי וועט אונז אַלעמען אָנטהיילען, מיר ווילען דאָס ניט!“ — „זי שטאַרבט שוין דאָך אוועק“. „מיר זיינען אהער ניט געקומען זעהן קיין לויות“. שיינדעל'ס שוועסטער האָט געגעבען א וואָרף איהר קינד צו דער מאַמען און אריינגעריסען זיך אין הויז און געפּרובט ריידען צו זיי מיט גוטען. דערזעהענדיג דאָס זיי גיבען איהר ניט נאָך, האָט זי גענומען שילטען. שילטען אזעלכע מענישען, וועלכע האָבען קיין הערצער ניט. דאָס האָט שוין בעסער געווירקט. דער טומעל האָט זיך צוטיילט. זי איז דאַן צוריק ארויסגעקומען און גענומען ביי דער מאַמען דאָס קינד.

— געהט אריין צו זיי און זאָגט, זיי זאָלען שווייגען — האָט שיינדעל מיך געבעטען. זאָגט דאָס מיר וועלען דאָ לאַנג ניט זיין...

— מיר וועלען טאַקע אָנקוקען דאָ אַן אַנדער צימער — האָב איך מיך געווענדט צו לובאָוו'ן. איך בין אריין אין הויז. דער בעל הבית איז מיר געגאַנגען אַנטקעגען מיט די געלד פאַר'ן צימער אין האַנד. — „נעהמט דאָס און געהט אייך געזונדערהייד. איך קען ניט צוטרייבען צוליב אייך א הויז מיט מענשען“.

וויפיעל איך האָב גערעדט, מיט גוטען און מיט בייזען, מיט צוזאָגען און סטראַשען — עס האָט ניט געהאָלפען. מיר האָבען געמוזט געהן. אָבער וואוהין?

— לאָמיר אוועק פון דאַנען — האָט שיינדעל געזאָגט — בעסער אין וואַלד, אין מיטען פעלד, איידער מיט אזעלכע צורייצטע חיות.

מיר האָבען גענומען שיינדלען מיט'ן שטול און אוועקגעטראָגען זי אין וואַלד: פון דאַנען האָט אונז קיינער קיין רעכט ניט צו טרייבען!

— ווי שעהן דאָ איז! א דאַנק פאַר ארויסטרייבען — האָט שיינדעל א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ אין דער ריכטונג פון הויז — נו, אָט וועלען מיר פערזוכען דאָס לעבען פון ציגיינער.

— ניט אויף לאַנג — האָב איך געזאָגט — און איינאָרדערענדיג איהר א גוטען, בעקוועמען געלעגער, מאַכענדיג דעם שטול פאַר א בעטעל, האָב איך זי געבעטען אביסעל צודרעמלען און אַליין בין איך אוועק מיט לובאָוו'ן זוכען אַן אַנדער צימער. ביז די זון וועט שיינען, וועט זי קענען זיין אין וואַלד, שפּעטער אָבער מוז זי זיין אין הויז.

שטונדען לאַנג זיינען מיר ארומגעלאָפען און ניט געפונען קיין צימער. עס איז געווען פערנומען, איבעראַל פערנומען. א בייזער ווינטעל האָט אָנגעהויבען בלאָזען, אַן אָנזאָגער פון א שטורם. דער הימעל האָט זיך גענומען פערדעקען מיט געדיכטע וואָלקענס. מיר האָבען ארויפגעקוקט צו איהם מיט שרעק. פּלוצלונג איז געוואָרען גאָר פינסטער. איך האָב איבערגעלאָזען לובאָוו'ן אַליין זוכען א צימער און בין גיך געלאָפען צו שיינדלען איינצוהיטען זי, איינצודעקען פון רעגען. איך האָב אוועקגעשטעלט א רעגען־שירעם איבער איהר קאָפּ, נאָך א שירעם איבער די פיס און איבערגעדעקט מיט א קאָלדרע, אויפ'ן קאָלדרע א פאַטשיילע, א מאַנטעל, אַ טישטוך — וואָס איך האָב געהאַט געפונען אין זייערע פּעקלאַך. איהר שוועסטער האָב איך געראַטען נעהמען דער מאַמען אין הויז אנטקעגען. אָבער די אַלטע האָט זיך איינגע'עקשנ'ט: זי וועט ניט געהן, זי וויל ניט מען זאָל זי טרייבען. עס האָט גענומען שטאַרק בליצען און דונערן. דאָס קינד האָט זיך געשראָקען און געשריען, זיין מאַמע האָט איהם געשטופּט די פלעשעל און געהייסען פערשטומט ווערען. די אַלטע האַלב־בלינדע פרוי האָט אויסגעקוקט, ווי אַ מישוגע'נע, זי האָט זיך געוואָרפען פון איין בוים צו דעם אַנדערען, זוכענדיג צווייגען ארומצולייגען ארים די „פּאַרישאָנעס“, זיי זאָלען ניט איינפאַלען, מיעד געוואָרען און געבליבען זיצען. נאָך א בליץ, נאָך א דונער, און גרויסע שווערע טראָפּענס רעגען האָבען גענומען פאַלען. א שוידער איז איבערגעגאַנגען איבער'ן גאַנצען וואַלד...

איך האָב מיך אראָפּגעלאָזען אויף די קניה פאַר שיינדעל'ס געלעגער. איך האָב געבעטען איהר שוועסטער זי זאָל אוועק צוליעב דעם קינד בעהאַלטען זיך פון רעגען. זי האָט געפאָלגט און גענומען מיט'ן קינד לויפען צו א דערבייאיגען שטאַל. דאַן האָב איך גענומען איינריידען איהר מאַמע זי זאָל אויך געהן אהין. זי האָט קוים נאָכגעגעבען. איבערגעדעקט איבער'ן קאָפּ מיט אַן אַלטען ליילאַך איז זי אוועק צום שטאַל.

ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דער ריכטיגער שטורם. די בליצן האָבן געבלענדט די אויגען, די דונערן שיעור אין דער ערד איינגעשלאָגען. צו יעדער בליץ פלעגט שיינדעל ווייט אויפרייסען און דערנאָך פערקוועטשען די אויגען; צו יעדער דונער — אויפציטערן און צוהערען זיך ווי ער פאַלט וואו ווייט אראָפּ... איך בין שוין געווען אין גאַנצען נאַס אָבער כ'האָב געמאַכט א מינע ווי מיר געפעלט עס.

זי האָט זיך אויך געצוואונגען אויסצוזעהן גלייכגילטיג און נאָך גענומען זינגען:

„אזוי ווי אן אָרימע יתומה'לע,
„אין טיעפען וואַלד אליין“

— — — טרעהרען האָבן זיך געוויזען אין איהרע אויגען. זי איז געווען גערירט פון איהר אייגענעם זינגען אין אַזאַ צייט. איך האָב אויך געוויינט, אָפּקעהרענדיג די קאָפּ פון איהר. מיינע טרעהרען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טרעהרען פון הימעל...

לובאָוו האָט געפונען אַ צימער און איז געקומען מיט עטליכע פון אונזערע בעקאַנטע און פריינד צו נעהמען שיינדלען פון וואַלד. דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט. די זון איז צוריק ארויס, אזוי ווי זי וואָלט געוואָלט א קוק טהאָן נור אויף דער אָפּגעוואַשענער ערד און דערנאָך פערגעהן. זייער קומען האָט שיינדלען אויפגעמונטערט: אַלע האָבן זי ליעב, זי האָט ניט געוואוסט ווי ליעב — אין א שלעכטער צייט ערשט דערקענט מען ווער די פריינד זיינען!...

זיי האָבן געמאַכט אזוי, זיי זאָלען קענען זאַלבעפיערט טראָגען דאָס בעטעל. איך בין געגאַנגען ביים זייט, געהאַלטען איהר האַנד, געווישט איהרע ליפּען. איך האָב אַלץ געוואָלט ארויסרופען ביי איהר א שמייכעל. איך האָב זי פאָרגעשטעלט אלס א פּרינצעסין, וואָס האָט געוואונען דעם פּרייז פאַר שעהנהייט און ווערט געטראָגען פון ריטער און אָט דאָס בעטעל איז דער טריאומף־וואָגען.

שיינדעל האָט געמאַכט א פאָרשלאַג, מען זאָל אָנזאָגען אַלע, אַלע בעקאַנטע, זיי זאָלען קומען, זי וויל זיי זעהן, זי איז דאָך צוליעב דעם געקומען אַהער. געוועהנליך שטאַרבען וואָלט זי דאָך געקענט דאָרטען.

זי האָט מעהר גערעדט וועגען טויט, ווייל זי האָט אין איהם איצט וועניגער געגלויבט. אין איהר האָט ערוואַכט האָפנונג אויף לעבען.

זי איז שוין געלעגען אין בעט, איבערגעדעקט מיט א ווייסען לייליאך, פערקאַמט און ארומגערינגעלט פון א סך בעקענטע. זיי האָבן זיך געסטאַרעט צו פערבאָרגען זייער שרעק מיט פאַבריצירטע וויצען. און אזוי האָט מען זיך דערוואַרט אויפ'ן דאָקטאָר. איך האָב געלעזען אויף זיין געזיכט דאָס שרעקליכסטע... ער איז געווען ווי אין כעס. טרוקען אַלעס פאַנאַנדערגעפרעגט און, אויסהערענדיג איהר, נאָכאַנאַנד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ...

ווען ער איז ארויס פון הויז בין איך איהם נאָכגעגאַנגען, געפרעגט וואָס וועט זיין מיט איהר.

— גאָרנייסט, גאָרנישט וועט זיין... ס'איז צו שפּעט...

מיט א פערקלעמטען האַרץ בין איך אריין צוריק. זי האָט געלאַכט איראָניש איבער'ן דאָקטאָר: אַזאַ נאָהענטער פריינד מיט'ן מלאך המות, א שטענדיגער שותף צו איהם, און דאָך איז ער אויף איהם ווי אין כעס.

אַלע האָבן זיך אָנגעפאַנגען פאַנאַנדערצוגעהן. לובאָוו איז נאָך געבליבען, ווען די טהיר האָט זיך פּלוצלונג געעפענט און דער אַגענט פון די נעה־מאַשינען איז אריינגעקומען.

— שיינדעל? ... — ער האָט עס גיכער געפרעגט ווי אויסגערופען, אויסשטרעקענדיג צו איהר זיין האַנד.

זי האָט איהם געגעבען איהר האַנד, געוואָלט עפּעס זאָגען און פּלוצלונג אומגעדרעהט איהר קאָפּף צום וואַנט: ער האָט אויפגעהויבען איהר האַנד, העכער צוגעטראָגען זי צום מויל און שטיל געקושט — (אָה, ווי דאנקבאר איך בין איהם געווען דערפאר!). זי האָט צוריק אומגעדרעהט דאָס געזיכט צו איהם מיט ליעבע, פאָרוואורף און טרערען געקוקט אויף איהם:

— ווי דענקט איהר, וועל איך געזונד ווערען?

— וואָס פאַר אַ פראַגע, געוויס וועט איהר געזונד ווערען. איהר דאַרפט נאָר וועלען. אַך, איהר ווייסט ניט ווי איך האָב נאָך אייך געבענקט, שיינדעלע. מיר האָט אַזוי באַנג געטאָן וואָס איהר זייט אַוועקגעפאָהרען. אָבער איהר וועט ווערען געזונד און מיר וועלען דעריאָגען דאָס פערשפּעטיגטע . . . ווערט נאָר געזונד.

איך האָב זיי איבערגעלאָזען. געבעטען לובאָוו געהן אנזאָגען צו מיר אַהיים דאָס איך פערבלייב דאָ נעכטיגען. אין צימער איז געווען האַלב דונקעל, די טהיר צום פירהויז איז געווען אָפען. כ'האָב געהערט ווי שיינדעל האָט געפרעגט דעם אַגענט אויב ער וועט מאָרגען קומען, און ער האָט איהר צוגעזאָגט, קושענדיג איהר האַנד, צוזאָגענדיג זי קיינמאָל ניט צו פערלאָזען. אַלע מאָל זיין מיט איהר, שטענדיג. זי וועט מעהר ניט אַרבייטען, זי וועט זיין מיט איהם, שוין אלע מאָל מיט איהם.

איך האָב עס געהערט און געטראַכט: א ליגען, און מיר האָט זיך געוואָלט, ער זאָל פאָרטזעצען דעם ליגען. ער האָט זיך מיט איהר לאַנג געזעגענט, צוזאָגענדיג בעשטימט צו קומען מאָרגען פריה. טרעפענדיג מיך ביים טהיר, האָט ער שטיל געזאָגט: זי שטאַרבט, זי וועט לאַנג ניט ציהען, און אַ זיפץ געטאָן.

— צו וואָס איילט איהר אַזוי אַוועקצוגעהן ? — האָב איך איהם געפרעגט. איהר וואָלט אַזוי אנגענעהם געווען, איהר זאָלט נעבען איהר זיצען, איהר מעגט דאָס איהר נאָכגעבען, זי וועט דאָך לאַנג ניט ציהען — ווי איהר זאָגט. —

— איך האָב אָבער קיין צייט ניט, איך דאַרף נאָר דאָ זיין אין אַ פּאָאָר פּלעצער.

איך האָב איהם מעהר ניט אָבגעהאַלטען. ער איז אַוועק.

איך בין צוגעגאַנגען צו שיינדלען. זי האָט אויסגעצויגען איהר האַנד נאָך מיינער און ווייך אַרומגענומען מיינע פינגער, זי האָט געטראַכט וועגען עפּעס. — איהרע אויגען האָבען געקוקט ווייט, אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָרט עפּעס געזעהן. דערנאָך האָבען זיי זיך האַלב צוגעמאַכט און אָפּגעשטעלט אַ צייט אויף איין פּונקט — אויפ'ן בעט. איך האָב אויך נאָך איהרע אויגען געווענדט מיין בליק. ער איז געפאַלען אויף אַ געגענשטאַנד, וואָס איז' דאָרט געלעגען — ס'איז געווען אַ ביכעל מיט פערשיעדענע סאָרטען נעהמאַשינען און זייערע פּרייזען. אויפ'ן פּאָדערבלאַט איז געזעסען אַ מיידעל און גענעהט — אַ זאַך וואָס ער פּלעגט איבערלאָזען א י ן י ע ד ע ר הויז צו אַנאָנסירען זיין סחורה . . .

וואָס קוקט זי אַזוי אויף דעם ? — האָב איך זיך געפרעגט. זעהט זי אין דעם ביכעל זיין גייסט ? . . .

זי איז געשטאָרבען, אין 6 טעג אַרום נאָך איהר קומען. דער קאַמפּף צווישען לעבען און טויט האָט אָנגעהאַלטען די גאַנצע צייט. דער טויט האָט געזיעגט. זי האָט פאַר'ן טויט ניט גערעדט, נאָר געקוקט, און מיר האָט געדוכט איהרע אויגען זאָגען : „פון מיינטוועגען זאָלען אַלע צושטאַרבען. אַרט אַלעמען, וואָס מיר שטאַרבען אויס איינע נאָך די אַנדערע ? קיינעם אַרט ניט. פאַר וואָס ? גאָרנישט, וועט זיין מיט אַביסעל אָרימע־לייט וועניגער . . . אַ דאגה איז זיי אַ גרויסע ! ?“

צו איהר לויה האָבען שוין איהר מאַמע און שוועסטער ניט געקענט געהן ; מען האָט זיי געדאַרפט פיהרען . . .

זיי זיינען אַ וואָך געווען ביי אונז אין הויז, מען האָט מיט זיי — — געשוויגען. ווי נאָר אימיצער פלעגט אויסריידען אַ וואָרט וועגען שיינדלען פלעגען זיי זיך צו־וויינען. נאָך דער וואָך האָבען זיי גענומען זייערע פּעקלאַך, און נאָך זאַכען, איבערבלייבענישען פון שיינדלען, און געפאָהרען אַהיים. עס איז אָנגעקומען שווער ביז מען האָט בעוואויגען די אַלטע צו פאָהרען, זי האָט גע'טענה'ט, דאָס זי וויל זיין מיט שיינדלען. זי וויל געהן אויף איהר קבר אַלע טאָג.

— מאַמע, גענוג צו וויינען. — האָט זיך די טאָכטער געבעטען.

און די מאַמע האָט געענטפערט : —

— נאָר וויינען, אויסוויינען אין גאַנצען די אויגען, ווערען גאָר בלינד, זיי זאָלען די צרות ניט זעהן . . .

מ. פּאַוולאָוויטש

ענגלאַנד, פראַנקרייך און דער מלחמה־טראָסט

(דער קאַמפּף געגען מיליטאַריזם אין ענגלאַנד)

1. דער בעזוך פון ענגלישען קעניגספּאָר אין פּאַריז. אַ בונד אָדער הערצליכע פריינדשאַפט ?

אין פערלויף פון דריי טעג (22, 23, 24טען אַפּריל) איז פּאַריז געגאַנגען אויף רעדלאָך — די בורזשואזיע האָט געפייערט אַ היסטאָרישע געשעהעניש : דער ענגלישער קעניג דזשאָרדזש דער 5טער און די קעניגין מאַריע האָבען אָבגעשטאַט אַ וויזיט ביי דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק פּואַנקרע. פּאַריז האָט זוי פערגעסען, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרפען פאָרקומען אַלגעמיינע וואהלען, וואָס דאַרפען ענדליך בעשטימען : זאָל אין פראַנקרייך איינגעפיהרט ווערען אַן איינקונפט־שטייער, ווי ער איז שוין לאַנג איינגעפיהרט אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד ? זאָל בלייבען ביי אַ דריי יעהריגען מיליטער־דיענסט, אָדער זאָל ער פערביטען ווערען מיט אַ צוויי יעהריגען ? זאָל אָבגעשוואַכט אָדער נאָך פערשטאַרקט ווערען דער יאָך פון מיליטאַריזם, זאָלען אַלץ שטייגען די אויסגאַבען אויף אַרמעע און פלאָטע ? פּאַריז האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט. צו די גאַסען, וואו די קעניגסגעסט האָבען געזאָלט דורכפאָהרען, האָבען זיך געצויגען פון אַלע זייטען מחנות צופריעדענע בורזשואַ, קליינע, מיטעלע און גרויסע רענט־בעזיצער, קרעמער, קויפלייט און גלאַט אַזוי פּוסט און פּאַס־

ניקעס — מען איז געגאנגען בעגעגענען און בעגריסען דעם טייערען גאַסט. און פון סאמע אין דער פריה האָבען איבער די גאסען פאראדירט אינפאנטעריע און קאוואלעריע — די רעפובליקאנישע סאָלדאטען האָבען זיך געגרייט אָבצוגעבען מיליטערישען כבוד דעם מאָנאַרך. און אין אבענד זיינען די צייטונגען ארויס מיט יום־טוב'דיגע קעפּלאך און האָבען דערצעהלט א ריהרענדע געשיכטע, מיט וואָס פאר א געוואלטיגען ענטוזיאזם גאנץ פראנקרייך, דורך פראנקרייכ'ס הויפּטשטאדט — פּאריז, האָט בעגעגענט דאס ענגלישע קעניגס־פּאר. פראנקרייך האָט פּערגעסען די אינערליכע רייסערייען און האָט זיך פּעראייניגט ארום די ענגלישע מאיעסטעט.

בעזונדערס גרויס איז געווען די שמחה פון געוויסע שאוויניסטישע ענגלישע, פראנצויזישע און רוסישע צייטונגען, ווי „נאוואיע ווערעמיא“, „רוסקאיע סלאווא“. יענע האָבען טריאומפירט בעצייטענס, נאָך איידער דושאָרדזש דער 5טער האָט בעעהרט פּאריז מיט זיין בעזוך. אין די „הורראה“־געשרייען לכבוד ענגלאנד האָט זיך זיי געהערט אן אנדער געשריי: „ניעדער מיט דייטשלאנד; מלחמה מיט דייטשלאנד!“

דאָס איז דער מערדערישער פּלאן פון די פּאטריאָטען. צוזאמען מיט דעם איז אין א טייל פון דער רוסישער און פראנצויזישער פּרעסע די לעצטע צייט אָפּט ארומגערעדט געוואָרען א פּלאן, ווי אזוי צו פערוואנדלען דעם ענגליש־פראנצויזיש־רוסישען „דריי־אָבמאַך“ אין א „דריי־בונד“. די אונאָפיציעלע פריינדשאפט זאָל אננעהמען אן אָפיציעלע ממשות'דיגע פאָרם. וועגען דעם טרוימען די אימפּעריאליסטען אין פראנקרייך און אין רוסלאנד. דער אָבהאלט איז אָבער מצד ענגלאנד. דער דאָזיגער פּלאן שטויסט זיך דאָרטען אָן אויף אונגעהייערע שטערונגען. די הערשענדע קלאסען אין ענגלאנד ווילען, אז ענגלאנד אלס ים־מלוכה זאָל טאקע זיין פיעל מאָל שטארקער פון דייטשלאנד, אז ענגלאנד זאָל זיין די ערשטע אויף די ימים, אָבער צו גלייכער צייט ווילען די ענגלישע אימפּעריאליסטען, סיי די קאָנסערוואטיווע און סיי די ליבעראלע, ניט דערלאָזען, אז דייטשלאנד זאָל דורכדעם פערליערען אלס מאכט אויף דער יבשה. זיי גיבען אָפּען צו, אז דאָס איז א טובה פאר ענגלאנד, ווען דייטשלאנד איז בכוח איינצוהאלטען דעם צו שנעלען וואוקס פון רוסלאנד, די אויסברייטונג פון די רוסישע גרענעצען. און ווען רוסלאנד וואָלט ניט געהאט א שטארקע שכנ'ישע מלוכה אויף די מערב גרענעצען, וואָלט מען אין די אינטערעסען פון ענגלאנד אזא מלוכה געדארפט בעשאפען. אזוי ווי עס איז אויסגעקומען צו שאפען אזא מלוכה אויף רוסלאנד'ס מזרח גרענעץ — אין מאנדזשוריא — יאפּאן. דייטשלאנד'ס אָבשוואכונג אויף דער יבשה מיינט רוסלאנד'ס פערשטארקונג, און עס לוינט זיך גאָר ניט פאר ענגלאנד עס מיטצוהעלפען. עס וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען פאר ענגלאנד, ווען דער פריינדשאפטליכער „דריי־אָבמאך“, וואָס נעהמט ניט אוועק פון ענגלאנד די מעגליכקייט צו האנדלען ביז א געוויסען גראד פריי, זאָל זיך פערוואנדלען אין א פאָרמעלען בונד פאר פערטיידיגונג און אנגריף. אזא „בונד“ וואָלט געבונדען, געפּענטעט די ענגלישע רעגיערונג. אדרבה, פאר ענגלאנד איז פיעל בעסער, אז די איצטיגע מיליטערישע קאמבינאציעס אין אייראָפּא זאָלען אויך בלייבען אויף ווייטער. ווי די זאך שטעהט איצט, זיינען דער צוויי־בונד און דער דריי־בונד כמעט גלייך אין כוחות. און דיעזער גלייכגעוויכט דארף ניט צושטערט ווערן. וואָרים עס איז דאָך קלאהר, אז כל זמן דער גלייכגעוויכט איז פארהאן, איז ענגלאנד דער ענטשיידענדער צד. צו וועלכען „בונד“ ענגלאנד שטעהט צו, יענער קריגט די אויבערהאנד. ביי דעם ערשטען צוזאמענשטויס וועט דער אנדער צד כאפּען די ערגסטע מפּלה. און דאָס פיהרט דערצו, אז איצט קוקען ביידע צדדים מיט גרויס דרך ארץ אויף ענגלאנד. ווען דער צוויי־בונד האלט טייער די „הערצליכע פריינדשאפט“ פון דער הערשערין איבער די ימים, איז דער „דריי־בונד“ דאנקבאר, וואָס ענגלאנד שטעהט ניט צו אין גאנצען צו א קאמבינאציע, וואָס איז פיינדליך צו איהם. פאָרמעל איז ענגלאנד פריי צו האנדלען, און די דאָזיגע פאָרמעלע פרייהייט האָט פיעל צו בעדייטען: בעת די אינטערנאציאָנאלע סכסוכים האנדעלט ענגלאנד אָפט בעזונדער פון „צוויי־בונד“, ענגלאנד פערהאלט זיך נייטראל, און ניט נור איז די דאָזיגע נייטראליטעט צו גונסטען פון דריי־בונד, נור אמאָל האנדעלט ענגלאנד סאָלידאריש מיט דער אָדער יענער מלוכה פון „דריי־בונד“. אָט איז בעת דעם באלקאנישען־קריזיס ענגלאנד געגאנגען האנד אין האנד מיט דייטשלאנד, האָט ניט דערלאָזען, אז די רוסיש־עסטרייכישע בעציהונגען זאָלען זיך פערשארפען און האָט פיעל מיטגעהאָלפען, דער אייראָפּעאישער פריעדען זאָל ניט געשטערט ווערן. און אפילו די איצטיגע מאַניפעסטאציעס לכבוד דער ענגליש־פראנצויזישער פריינדשאפט שטערען ניט, אז ענגלאנד און דייטשלאנד זאָלען פעסטהאלטען זייער געהיימען אָבמאך אין בעצוג צו צענטראל־אפריקא.

און א חוץ דעם איז דאָ נאָך עטוואס, וואָס שטעהט אין וועג דער פערוואנדלונג פון דעם דריי־אָבמאך אין א דריי־בונד — דאָס איז די שטארק ענטוויקעלטע ענגלישע פריע־

דענס־בעוועגונג. עס איז ניט קיין צופאל, וואָס געראד אין ענגלאנד איז ערשיענען דאָס בע־ריהמטעסטע און פערשפרייטעסטע בוך געגען מלחמה און מיליטאריזם. איך מיין דאָס בוך פון נאָרמאַן אנדזשעל „די גרויסע אילוזיאָן“, וואָס איז איבערזעצט אין אלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און אייניגע אַזיאַטישע (ווי יאפּאנע־זיש און אינדיש) און אין ענגלאנד גופא האָט עס געהאַט פ י נ פ צ ע ה ן אויסגאבען אין אַ משך פון דריי יאָהר (פון נאָוועמבער 1909 ביז נאָוועמבער 1912)*).

אין ענגלאנד שטעלט מען זיך ניט נור קלאַר פאר דעם גרויל און די שרעקען פון א מעגליכער מלחמה מיט איינער פון די גרויסע אייראָפּעאישע מלוכות, נור עס וואקסט אויך סיי ביי די ברייטע מאַסען און סיי ביי די רעגיערענדע קלאַסען די אונצופריעדענהייט מיט דעם מיליטאַריסטישען משוגעת, עס הערען זיך אַלץ שטאַרקער פּראָטעסטען געגען דעם, וואָס צו טייער קאָסט שוין דער דיענסט צום קריעגס־אבגאָט, וועלכער ווייס גאָר פון קיין זעטיגקייט ניט און פאָדערט אַלץ נייע און נייע קרבנות.

2. די בעוועגונג געגען דעם מלחמה־טראָסט

עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, וואו די פראגע וועגען אָבשטעלען די בעוואפנונגען זאָל אַזוי אָפט און ליידענשאַפטליך דיסקוטירט ווערן, ווי אין ענגלאנד. מען מוז מודה זיין, אַז די איצטיגע בעוועגונג געגען מיליטאַ־ריזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטסטע שיכטען פון דער ענגלישער בעפעלקערונג, טיילט זיך אָב לויט זיינע ציעלען און כונות שטאַרק צום גוטען פון דיפּלאָמאַטישען „פּאַצי־פיזם“ — (שלום־מאַכעריי) — וואָס האָט גע־ניט די ענגלישע רעגיערונג אַרויסצוטרעטען מיט׳ן פּאָרשלאַג צו פערקלענערען די בעוואפ־נונגען אויף דער צווייטער האַאַגער קאָנ־פערענץ פון 1907. יענער ענגלישער פּאָרשלאַג איז געווען גאָר אַ נאָהענטער קרוב צו דעם רוסישען פּאָרשלאַג פון 1898, צו ניקאָ־לאַי׳ס פריעדענס־מאַניפעסט, וואָס האָט איבער־ראַשט די וועלט ווי אַ דונער אין אַ העלען זומער־טאָג. סיי דער רוסישער און סיי דער ענגלישער פּאַציפיזם פון 1898—1908 — דער פּאַציפיזם פון אויבען — האָט זיך גע־שטעלט גאָר אַנדערע ציעלען, וואָס זיינען הי־מעלווייט פון די ציעלען פון דער איצטיגער פריעדענס־בעוועגונג אין ענגלאנד. די איצטי־גע בעוועגונג האָט אַ קאָנקרעטען שונא — דעם מלחמה־טראָסט. און דער דאַמאַלסדיגער ענג־לישער פּאָרשלאַג אָבצושטעלען די בעוואפנונ־גען האָט געהאַט צו זיין אויפגאבע צו געבען די אויבערהאַנד ענגלאנד איבער אַלע לענדער פון דער וועלט. ענגלאנד׳ס פלאָטע איז דאַ־מאלס געווען אַזוי גרויס ווי די פלאָטען פון פראנקרייך. פעראייניגטע שטאַטען און דייטשלאנד צוזאַמענגענומען, — האָט ענגלאנד געוואָלט, אַז דאָס דאָזיגע פערהעלטניס פון די כוחות, וואָס איז געווען אַזוי גינסטיג פאר ענגלאנד, זאָל בלייבען אויף אימער. דער ענגלישער פּאַציפיזם פון 1907 איז געווען גע־ריכטעט אויסשליסליך געגען ענגלאנדס אויי־סערע שונאים און קאָנקורענטען, געגען די שכנ׳ישע מלוכות און הויפּטזעכליך געגען דייטשלאַנד. דער ענגלישער פּאַציפיזם פון 1913—1914 ריכטעט זיין שאַרף געגען די אי־נעווענייגסטע שונאים פון ענגלישען פאָלק, גע־גען די שטאהל־ און קאַנאָנען־קעניגע, געגען דעם טראָסט פון די בעקאַנטע ענגלישע מילי־טערישע פירמען וויקערס, ארמסטראנג, דזשאָן בראַון, קעמעל־לערד און ז. וו. כמעט יעדען טאָג ערשיינען בראָשורען אין טויזענדער עקזעמ־פּליארען, וואָס דעקען אויף די אינטריגען פון דער מלחמה־טראָסט. אַן אנטימיליטאַריסטי־שע ליעג איז געשאַפען געוואָרען, וועלכע פער־רופט מיטינגען איבערן גאַנצען לאַנד. און אין פּאַרלאַמענט גופא האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פּאַציפיסטען, צו וועלכער עס געהערען שוין 100 ראַדיקאַלען, 40 מיטגליעדער פון דער אַרבייטער פּאַרטיי, און מען ערוואַרט, אַז עס וועלען צו איהר צושטעהן נאָך 66 ליבעראַלען, וועלכע זיינען געוועהלט געוואָרען מיט די שטימען פון די מיינערס.

און אָן אונטערשיעד איז פאַרהאַן צווישען דער פריעדענס בעוועגונג פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד און דעם קאַמפּיין, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אין ענגלאנד געגען דעם מלחמה־טראָסט — עס בעטייליגען זיך אין איהם ניט נור די ברייטע מאַסען פון דער ארבייטער בע־פעלקערונג, נור אויך די איינפלוסרייכע קריי־זען פון דער אינדוסטריע און פינאַנץ־וועלט. אַזוי צ. ב. ש. איז דעם 17 יאַנואַר 1914 אין לאָנדאָנער סיטי פאָרגעקומען אַ שטאַרק־בעזוכ־טער מיטינג אונטער דעם פאָרזיץ פון הערסט, דעם רעדאַקטאָר פון אַ וויכטיגער פינאַנץ־צייי־טונג — „דער עקאָנאָמיסט“. דער מיטינג, אין וועלכען עס האָבען זיך בעטייליגט בעקאַנ־טע פינאַנסיסטען, באַנקירען, בערזען־ספּעקו־לאַנטען, גרויס־הענדלער און פאַבריקאַנטען, האָט אָנגענומען אַ שטאַרקע רעזאָלוציאָן לטובת דער פערקלענערונג פון די בעוואפנונגען. גע־רעדט האָבען ניט אַרבייטער־דעפּוטאַטען, וועל־כע זיינען פעררעכענט פאַר געשוואָרענע פּראָ־טעסטאַנטען געגען אַלץ און אַלעמען, נור אַזעל־כע געזעצן און אָרדנונג ליעבענדע פערזאָנען ווי ד. א. טהאָמאַס, דער קוילען־באַראָן, דער איי־גענטימער פון פיעלע גרובען ; דזשאָן בראַ־נער, דער פרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער ליי־

*) זעה די ביילאַגע צו דער בראָשור :
“War and the Workers,” by Norman Angell, p. 63.

בּעראַלער פעדעראַציאָן, לאָרד וועלבי און דער דערמאהנטער פ. וו. הערסט, וועלכער האָט אין 1912—1913 געלאָזט פערעפענטליכען אין זיין „עקאָנאָמיסט“ אַ רייהע מערקווירדיגע אַרטיקלען געגען דעם „מלחמה־טראָסט“.

און ווי באַלד אַז ניט נור דער „המון“ און דער פשוט׳ער אַרבייטער־עולם איז אַרויסגעטרעטען, נור פינאַנץ־קעניגע און אינדוסטריע־מאַגנאַטען — טאַקע די אמת׳ע סמעטענע פון דער געזעלשאַפט — וועט שוין די ענגלישע קירכע, וועלכע האָט אַן אויסגעצייכענטען חוש הריח און ווייס ווי ווי צו האַנדלען ביי אַזעלכע געלעגענהייטען, ניט שטעהן אָן אַ זייט פון אַזאַ בעוועגונג. און אין מערץ 1914 אויף דער זיצונג פון נאַציאָנאַל־ראַטה פון די פרייע קירכען איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן, וועלכע פערדאַמט די אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים און זאָגט זיך אַרויס צו גונסטען פון פערקלענערן די בעוואַפנונגען. „דער היינטיגער מלחמה־גאָט — האָט ערקלערט פאַטער גיבסאָן, וועלכער האָט גערעדט פאַר דער רעזאָלוציאָן — איז אַ פשוט׳ער געשעפטמאַכער, וועלכער שאַפט אינטריגען צווישען די מלוכות, כדי אַרויסצושלאָגען פאַר זיך קאַפּיטאַל.“ פאַסטאָר קעמפּבעל, דער פּאָפּולערסטער און איינפלוס־רייכסטער גייסטליכער אין לאָנדאָנער סיטי, איז אַרויס מיט אַ פּלאַן פון אַ קרייץ־צוג געגען דעם אייראָפּעאישען מיליטאַריזם.

קעמפּבעל האָט פאָרגעשלאָגען:

1) די ענגלישע קירכע זאָל זעהן צו ווירקען אויף דער רעגיערונג זי זאָל אַריינגעהן אין אַ רייהע אָבמאַכונגען מיט פראַנקרייך, פעראייניגטע שטאַאַטען, דייטשלאַנד און רוסלאַנד וועגען בעגרענעצען די בעוואַפנונגען.

2) דער פּאַפּסט, אַלס דער הויפּט פון דער מעכטיגסטער קירכע אין דער וועלט, זאָל נעהמען אויף זיך די איניציאַטיווע אין דעם דאָזיגען קאַמפּף געגען מיליטאַריזמוס.

3) אַלע קירכען זאָלען זיך פעראייניגען און פערלאַנגען, אַז אַלע שטרייט־פראַגען צווישען די מלוכות זאָלען איבערגעגעבען ווערן צו אַ שטענדיגען שיעדס־געריכט.

אַזוי ווי די קירכע האָט אין ענגלאַנד אַן אונגעהויערן איינפלוס, וועט די רעגיערונג און דער פּאַרלאַמענט זיך מוזען רעכענען מיט דיעזער שטעלונג איהרער. און ניט נור אין לאָנדאָן, אין די אַריסטאָקראַטישע קירכען פון סענט־פּאַול און וועסטמינסטער, נור איבערן גאַנצען לאַנד האָט מען אָנגעהויבען צו דרש׳ענען אין די קירכען פאַר די מאַסען גלויביגע, אַז קריעג איז אַ זינד געגען רבונו של עולם און אַז דער מיליטאַריזם איז אין ווידערשפּרוך מיט דעם יעוואַנגעליום און ראיות ווערען געבראַכט פון די הייליגע טעקסטען צו בעשטעטיגען די פרומע רייד.

און די בעוועגונג האָט זיך שוין אַזוי שטאַרק פערשפּרייט איבערן לאַנד, אַז מיט איהר מוזען זיך שוין אַפילו רעכענען דער קריעגס־ און פלאָטען מיניסטאַרען, שוין אָבגערעדט פון די איבריגע פעראַנטוואָרטליכע פאָרשטעהער פון דער ענגלישער פּאָליטיק. „די גרויסע מיליטערישע פירמען — האָט ער קלערט דער פלאָטען־מיניסטער טשיירטשיל אויף אַ גרויסער פערזאַמלונג אין מאַנטשעסטער אין אָקטאָבער 1913 — די גרויסע מיליטערישע פירמען דאַרפען זיין די דיענער פון דער נאַציאָן, און ניט איהרע בעהערשער, ווי זיי זיינען עס איצט“. און עס איז אויך גוט בעקאַנט, אַז גרעי, אַסקוויט, ללאָיד דזשאָרדזש און ז. וו. שטרייכען כסדר אונטער אין זייערע רעדעס די געפאַהר פון ווייטערדיגע בעוואַפנונגען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בעת די מיניסטאָרען פון אַנדערע לענדער האַלטען אין איין פאָדערן קרעדיטען אויף נייע און נייע בעוואַפנונגען און מיידען אויס צו דערמאַהנען אַ וואָרט אפילו וועגען דער שעדליכער ווירקונג פון מיליטאַריזם אויף דעם וואוקס פון די נאַציאָנאַלע רייכטימער, אויפ׳ן האַנדעל און אינדוסטריע, טהוען די ענגלישע מיניסטאָרען פונקט פערקעהרט: ווען זיי פערלאַנגען אַפילו אַסיגנירונגען אויף צו בויען נייע שיפען, וועלכע זיינען נויטיג צום שוץ פון דער ענגלישער טעריטאָריע, פערגעסען זיי קיינמאָל ניט צו בעמערקען, אַז די משונה׳דיגע אויסגאַבען אויף אַרמעע און פלאָטע פון די אייראָפּעאישע מלוכות איז אַ געפאַהר פאַר דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציאָן און די הויפּטשטערונג פאַר דעם וואוקס פון די אינדוסטריען. און ניט נור די ליבעראַלע, נור אויך מאַנכע קאָנסערוואַטיווע טהוער אין ענגלאַנד ערקלערען אָפען, אַז די ווילדע קאָנקורענץ פון די מלוכות אין פערגרעסערן זייערע אַרמיען וועט סוף כל סוף ברייגנען די פעלקער צו אַ צוזאַמענבּרוך, וועט אונפערמיידליך אַרייכריפען אַ רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד פון די מאַסען. שוין אַזוי אויך געפינט זיך ענגלאַנד אין אַ צושטאַנד פון אַן אַנהאַלטענדער סאָצ. רעוואָלוציאָן. אמת, זי קומט איצט פאָר אין לעגאַלע פאָרמען. „אָבער עס וועט קומען אַ צייט, האָט ערקלערט ללאָיד דזשאָרדזש, אַז עס וועט שוין זיין אונמעגליך צו האַלטען די ערוואַכטע מאַסען אין אייביגער אָרימקייט און די רעגיערונג וועט זיך מוזען לאָזען קאָסטען אויף צו בעפריעדיגען די כאָציאַלע בעדערפניסען“.

עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז אפילו דער הויפּט פון דער פלאָטען פערוואַלטונג האָט גענומען אַגיטירען פאַר אָבשטעלען די בעוואַפנונגען. אַזוי האָט דער לאָרד־אַדמיראַל לאָמבערט געזאָגט אין אַ רעדע פאָלגענדעס:

„אַ דרידנאָוט־קריעגס־שיף קאָסט פונקט אַזוי פיעל ווי פיעל 10 טויזענד קאַטעדזשעס. דיעזער פאַקט האָט געמאַכט אַ טיעפען רושם

אויף די מוחות אין ענגלאַנד, און איך פּערהאָף, אַז פּונקט אַזאַ רושם וועט ער מאַכען אויף דער געזעלשאַפּטליכער מיינונג פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך און איטאַליען.“

3. די ראָלע פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין ענגלאַנדס עקאָנאָמישען לעבען און אויסערער פּאָליטיק.

צווישען די הונדערטער רעדען, וואָס זיינען געהאַלטען געוואָרען די לעצטע פּאָר יאָהר פון די ענגלישע מיניסטאָרען צו גונסטען פון פריעדען, פערדיענט, אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט די רעדע פון ענגלישען אויסערן מיניסטער ע״יאַ״ד גרעי אין האַנדעלס־קאַמער פון מאַנטשעסטער (21 יאַנואַר 1914). פאַר דער הויפּט־אויפגאַבע פון ענגלאַנדס אויסערער פּאָליטיק, פאַר דעם הויפּט־צוועק פון ענגלאַנדס דיפּלאָמאַטיע בעטראַכט ער די אויפהאַלטונג פון אינטערנאַציאָנאַלען פריעדען—ד. ה. פריעדען צווישען ענגלאַנד און אַנדערע מלוכות, און, אויף וויפיעל עס הענגט אָב פון ענגלאַנד, פריעדען צווישען די אַנדערע מלוכות גופא. און פאַר וואָס דאַרף ענגלאַנדס אויסערע פּאָליטיק זיין אַ פריעדענס־פּאָליטיק, ערקלערט גרעי, ווייל איהר ציעל איז צו האַלטען די מערק אימער אָפען פאַר׳ן האַנדעל. און דאָס איז בלויז מעגליך, ווען דאָס לעבען לויפט מיט זיין נאָרמאַלען גאַנג, און דאָס ווערט כמעט אונמעגליך, ווען אין פערשיעדענע לענדער קומען פאָר מלחמות אָדער אפילו אינערליכע מהומות, ווי צ.ב.ש. איצט אין מעקסיקאָ, וואו די רעוואָלוציע האָט כמעט חרב געמאַכט דעם מאַרק. ניט קלענער איז געווען דער שאַדען פון באַלקאַנישען קריעג. דערפאַר, מיינט גרעי, איז די ענגלישע דיפּלאָמאַטיע געגען מלחמות ניט אויס שרעקעדיגקייט און קליינמוטיגקייט, נור ווייל זי זעהט די לינקע זייט פון אַ מלחמה — איהרע שעדליכע ווירקונגען. און איינע פון די שעדליכסטע ווירקונגען פון אַ מלחמה וואָלט געווען, וואָס עס וואָלט געשטערט געוואָרען דער רעגולערער צופיהר פון קאַטאָן (באַוועל); די פאַבריקען פון לאַנקאַשיר פערברויכען איהם אין אַזעלכע אונגעהויערע מאַסען.

און טאַקע פון דער כאַראַקטעריסטיק פון לאַנקאַשיר׳ס קאַטאָן אינדוסטריע און דער ראָלע, וואָס זי שפּיעלט אין ענגלאַנד, האָט גרעי אָנגעהויבען זיין בעריהמטע רעדע. ליידער האָבען די צייטונגען דיעזע שטעלע פון זיין רעדע ניט געבראַכט, און איך וועל אַליין מוזען געבען אַזאַ כאַראַקטעריסטיק, כדי פערשטענדליך צו מאַכען פאַר די לעזער מיינע ווייטערדיגע אויספיהרונגען.

די טעקסטיל אינדוסטריע פערנעהמט אין ענגלאַנד דעם פּלאַץ וואָס די מעטאַלורגישע אינדוסטריע אין אַנדערע לענדער. אָבער אנשטאַט וואָס די מעטאַלורגישע אינדוסטריע אין אַנדערע לענדער צווינגט אַרויף, ווי מיר ווייסען, אויף די קעניגע און פּרעזידענטען די פּאָליטיק פון אימפּעריאַליזם, איז די טעקסטיל־אינדוסטריע פון ענגלאַנד די פערטרעטערין פון „פרייען האַנדעל“, וועלכע דערלאָזט ניט דעם פּראָטעקציאָניזם פון די טשעמבערלענס און ראַדעסעס אויפקומען אין ענגלאַנד. כאָטש די טעקסטיל אינדוסטריע פערנעהמט אין ענגלאַנד אַ קליינעם שטח — די פּראָווינץ לאַנקאַשיר, דאָך קאָן זי מיט רעכט אָנגערופען ווערן די נאַציאָנאַל אינדוסטריע פון ענגלאַנד. זי צעהלט איהר אנפאַנג פון ענדע פון 16טען יאָהר־הונדערט, ווען זי איז פערטראַגען געוואָרען קיין ענגלאַנד דורך די אַריבערגעקומענע פון פלאַנדריען, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון די פערפאָלגונגען פון הערצאָג אַלבאַ. די עמיגראַנטען האָבען זיך בעזעצט אין צוויי שטעדט — באָלטאָן און מאַנטשעסטער. מאַנטשעסטער איז ביסלעכווייז געוואָרען דער מיטעלפונקט פון קאַטאָן־אינדוסטריע. די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע איז געגאַנגען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז אין אַן אַנדערהאַלבען הונדערט יאָהר אַרום (אין 1764) האָט זי שוין פערברויכט 4 מיליאָן פונט רויהען קאַטאָן. ווייטער אין 1812 איז דער פערברויך געווען 98 מיליאָן, אין 1827 — 129 מיליאָן, אין 1832 — 262 מיליאָן פונט. און דער פערברויך איז אַזוי געוואַקסען, אַז מען האָט געמוזט אויפהערען צו מעסטען אויף פונטען, נור אויף קופּעס (אַ קופּע איז 500 פונט).

און אַזוי זעהען מיר, אַז אין 1842 האָט די אינדוסטריע פערשלונגען 1.372.000 קופּעס קאַטאָן, אין 1902 — 3.335.000 קופּעס. ביי דיעזער ציפער האַלט עס אויך איצט. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די אינדוסטריע האָט זיך אָבגעשטעלט. נור די ענגלישע טעכניק האָט זיך אַזוי פערפאָלקאָמט, אַז די ענגלישע פאַבריקען ספּעציאַליזירען זיך אַלץ מעהר אין דער פאַבריקאַציאָן פון פיינערע סאָרטען שטאָף, און ביי דער פאַבריקאַציאָן פון די פיינערע סאָרטען פאָדערט זיך פיעל ווייניגער רויהען קאַטאָן, כדי צו העכערען דעם ווערטה פון דער פּראָדוקציאָן. אַז די פּראָדוקציאָן האָט זיך ניט פערקלענערט קאָן מען אויך זעהן פון דער צאָהל שפּינדלאָך, וועלכע האָט זיך פערגרעסערט פון 41 מיל. אין 1887 ביז 56 מיל. אין 1913. און נאָך עטוואָס: פערשיעדענע שפּינדלאָך פערברויכען פערשיעדענע קוואַנטיטעטען רויהען קאַטאָן. אין ענגלאַנד קומט אויס אויף אַ שפּינדעל אַ דורכשניט פון 33 פונט, אין די איבריגע טיילען אייראָפּאַ — 75 פונט, אין די פעראייניטע שטאַאַטען 86 פונט, אין אינדיען, וואו עס ווערט פּראָדוצירט דער גרעבסטער שטאָף, 135 פונט.

לויט דער צאָהל שפּינדלאַך קאָן מען אלזאָ אורטיילען וועגען דעם צושטאַנד פון דער קאַטאן־אינדוסטריע אין דעם אָדער יענעם לאַנד. אָט האָבען מיר אַ טאַבעלע פאר די לעצטע 50 יאָהר :

די צאָהל שפּינדלאַך אין מיליאָנען

יאָהרען	ענגלאנד	די איבריגע טיילען פון איוראָפּאַ
1861	30,3	10
1885	43,0	22,7
1895	45,4	28,2
1905	48,5	35,2

פון די ציפערן, וועלכע ווערן געבראַכט אין יאַהרבוך „ריעטש“ פאר 1914 (ז. זייטע 378) און וועלכע כאַראַקטעריזירען דעם צושטאַנד פון דער קאטאן אינדוסטריע אויף דער גאַנצער וועלט, פאר די יאָהרען 1912, 1913, זעהען מיר, אַז אין יאָהר 1913 איז פון דער אַלגעמיינער צאהל שפּינדלאַך 143,452,656 אויף ענגלאנדס חלק אויסגעקומען 55,652,850 שפּינדלאַך דאָס מיינט 38%.

דערפון זעהען מיר וואָס פאר אַ געוואלדיגע ראָלע ענגלאנדס קאטאן אינדוסטריע שפּיעלט אין דער וועלט־פּראָדוקציאָן פון קאטאן.

איצט וועלען מיר אַ קוק טהאָן, וואָס פאר אַ ראָלע זי שפּיעלט אין אינערליכען לעבען פון ענגלאנד. אין 1900 האָט וו. ווערער געמאַכט אַ פּראָבע אויסצו׳חשבונ׳ען לויט דעם ענגלישען „בלויען בוך“, ווי גרויס איז די צאהל אַרבייטער, וואָס זיינען פערנומען אין דעם פאבריק־דיסטריקט פון לאנקאשיר, אין די הונדערטער שטעדטלאך, וואָס זיינען ספּעציעל געבויט פאר קאטאן־שפּינערייען, און אויך די צאָהל שפּינערייען, וואָס זיינען צוואוואָרפען איבער מאנטשעסטער, דער הויפּטשטאָדט פון קאטאן־דיסטריקט, און די ארומיגע שטעדטלאך באלטאָן, מידלטאן, פּרעסטאן, וואָרינגטאָן, סאלפארד, סטאקפּארט, אָלדאַם און ז. וו. (ענגלאנד און דער מיליטאַריזם. וו. ווערער ז. 100—181). ביי יענער צייט האָבען ארום די שפּינדלאַך אין וועבשטוהלען געאַרבייט 440 טויזענד שפּינער און וועבער. דאָס איז אַזוי צו זאָגען דער קערן פון דער קאטאָן אַרמעע פון דיסטריקט לאנקאשיר. ארום דער הויפּט־ארמעע האָבען זיך די הילפס־אַבטיילונגען, אָהן וועלכע די אַרבייט וואָלט ניט געקאנט געטהאָן ווערן, זיך פונאַנדערגעטיילט אויפ׳ן פאָלגענדען אופן :

23.000 מעטאַל־אַרבייטער, וואָס פאַבריצירען און פעררירכטען די מאַשינען.

15,000 סטאַליארעס און דרעקסלער.

18,000 כעמיקער.

53,000 פארבער.

122,000 מעכאַניקער אין די סטאַציאָנען, וואָס טרייבען אָן די גאנצע אינדוסטריע.

24,000 וואָס בעארבייטען די שטאָפּען.

27,000 וואָס פערפערטיגען פּאַק־פּאַפּיער.

100,000 ביים טראַנספּאָרטירען די שטאָפען איבער די אייזענבאהנען און איבער׳ן וואַסער.

90,000 מיינערס, וואָס שאַפען קוילען פאר 2860 פאבריקען און ווערקשטאטען פון דיסטריקט.

60,000 בוכהאַלטערס, קאָרעספּאָנדענטען, קלערקס.

23,000 וואָס פערפערטיגען שפּייז פאר דער אַרמעע.

אַלע צוזאמען שטעלען דאָס צונויף אַן אַרמעע פון 1200 ביז 1300 טויזענד מענשען — איינפאכע סאָלדאטען פון דער ארבייטער אַרמעע. און וואו זיינען די אָפיציערען, אינזשענערען, קאַפּיטאַליסטען, קאמערסאנטען, אדמיניסטראטאָרס, שענקער, קרעמער און די פאַמיליען פון די ארבייטער? און בעת א מלחמה וואָלט דיעזע גאנצע אַרמעע ארויסגעהויבען געוואָרען פון די פלעצער און די מיליאָנען וואָלטען אויסגעקומען אויסצושטעהן די אלע שוידערליכקייטען פון א אמר׳ער מלחמה — ביז הונגער־טויט.

און דיזע אינדוסטריע קאָן קיין איין טאָג ניט עקזיסטירען אָהן א רעגולערען אריינפיהר פון רויהען קאטאן פון דער פרעמד. אין יאָהר 1912, פאַר דער צייט פון 1טען יאַנואַר ביז 31 אויגוסט, איז פון דעם גאַנצען וועלט־פערברויך פון רויהען קאטאן, וואָס האָט בעטראָפען 19.837.392 קופּעס, אויף ענגלאַנד׳ס חלק אויסגעקומען, לויט דער אַנקעטע פון אינטערנאַציאָנאַלען פערבאַנד פון קאַטאן־פאַבריקאַנטען, 3.765.462 קופּעס, ד. ה. איין פינפטעל פון דעם גאַנצען וועלט־פערברויך. און פון דיזער אונגעהויערער מאַסע קאטאן, וואָס די ענגלישע פּראָדוקציאָן פערשלינגט, איז 3,289,976 קופּעס אימפּאָרטירט געוואָרען פון די פעראייניגטע שטאַאטען; 39.957 קופּעס פון אָסט־אינדיען; 329.821 פון עגיפּטען; געוועזען אָנגעגרייט פון די פאָריגע יאָהרען 360,825 קופּעס, ד. ה. ווייניגער פון 10% פון דעם גאַנצען פערברויך.

ווי פּראָפעסאָר וואַרבורג*) ווייזט אָן זעהר ריכטיג, פערנעהמט אפילו ניט קאטאן דעם ערשטען פּלאַץ אין לאַנד־ווירטשאַפט, אָבער א חוץ תבואה־פּראדוקטען, איז ניטאָ נאָך אַזאַ פּראָדוקט, וואָס זיין פערברויך זאָל אזוי שנעל שטייגען, ווי דער פערברויך פון קאטאן. קאטאן איז באמת געוואָרען אין די ציוויליזירטע לענדער פונקט אַזאַ נויטווענדיגער געברויכס־מיטעל, ווי יעדער שפּייז־פּראָדוקט.

*) זעה אָ. וואַרבורג און פאָן זאמערן בראנדט— קולטור־פּלאַנצען דער וועלט־ווירטשאַפט. לייפּציג, זייטע 331.

וויטער, האָט דער טראַנספּאָרט פון קאטאָן געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער שאַפונג פון ענגלישען האַנדעלס־פלאָט. דיזער טראַנספּאָרט מאַכט נאָך איצט אויך אויס אַ ריעזיגען טייל פון דעם אַלגעמיינעם ענגלישען טראַנספּאָרט. אַרום 3 מיליאַרד טאָן ווערט יעהרליך אימפּאָרטירט קאטאָן קיין אייראָפּאַ, און דאָס געהט מעהרסטענס אויף ענגלישע שיפען.

אויף אַזאַ אופן, ווען דורך אַ מלחמה וועט געשטערט ווערען דער רעגולערער צופיהר פון פּראָדוקטען צו די ענגלישע ברעגען, וועט ניט נור וועניגער ווי אין אַ מאָנאַט אַרום נאָך דער ערקלערונג פון מלחמה זיך מוזען אָבשטעלען די קאטאָן אינדוסטריע און טויזענדער פאַבריקען וועלען זיך מוזען פערמאַכען און מיליאָנען אַרבייטער וועלען אַרויסגעוואָרפען ווערען אויפ'ן גאַס, נור דער גאַנצער ענגלישער ים־פערקעהר וועט פערקריפּעלט ווערען, דעם פראַכט־טראַנספּאָרט וועט אָנגעטהאָן ווערען אַ געוואַלדיגער שאדען און מיליאָנען הונגערנדע ים־אַרבייטער וועלען צושטעהן צו די הונגערנדע יבשה־אַרבייטער. אַ קריזיס פון אונגעוועהנליכער שאַרפקייט וואָלט אַרומגעכאַפּט אויך די אַנדערע אינדוסטריען, און דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון ענגלאַנד, פון דעם סאַמע אינדוסטריעלען לאַנד אין דער וועלט, פון דער דאָזיגער אינטערנאַציאָנאַלער פאַבריק, וואָלט פערגליווערט געוואָרען.

און, זעלבסט פערשטענדליך, פון אַ מלחמה וועט ניט נור ליידען דער צופיהר פון רויהען קאטען, נור אויך פון אַנדערע רויהע מאַטעריאַלען און האַלב־פאַבריקאַנטען. היינט וואָס איז מיט ברויט, פלייש, צוקער, פוטער און פערשיעדענע אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטען, וואָס ענגלאַנד מוז שטענדיג בעציהען פון אַנדערע לענדער? די עקאָנאָמישע מהומה, וואָס אַ מלחמה פון ענגלאַנד מיט אַן אַנדער מלוכה, וואָלט אַרויסגערופען, וואָלט געוועזן געפעהרליכער פון אַלע מהומות אויף די שלאַכט־פעלדער.

4. מאַנטשעסטער און בירמינגהעם.

דאָס אַליין ערקלערט, פאַרוואָס מאַנטשעסטער, דער צענטער פון קאטאָן אינדוסטריע, די הויפּטשטאָדט פון לאַנקאַשיר און די ערשטע, לויט איהר גרויס און בעדייטונג, פאַבריק־שטאָדט אין ענגלאַנד איז ניט נור עד היום די פעסטונג פון פרייען' האַנדעל — דערין בלייבט מאַנטשעסטער אין אַלגעמיין געטריי די פּרינציפּען פון יענער עקאָנאָמישער שולע, וועלכע איז אין 19טען יאָהר־הונדערט געקרוינט געוואָרען מיט דעם נאָמען די „מאַנטשעסטער שולע“ — נור מאַנטשעסטער איז אויך אַ הייסער אַנהענגער פון דער פריעדליכע ריכטונג אין דער אויסערער ענגלישער פּאָליטיק און אַ געגנער פון יעדען קריעגערישען אימפּעריאַליזם. פערקעהרט, בירמינגהעם, די צווייטע פאַבריק־שטאָדט אין ענגלאַנד, די הויפּטשטאָדט פון דער בלעק־קאָונטרי, די שטאָדט פון שטאהל און אייזען, איז די פעסטונג פון שאָוויניזם, פּראָטעקציאָניזם, רויבערישער אייזענבאַהן־פּאָליטיק און דעם מיט וואַפען קלינגענדען אימפּעריאַליזם. און אַזוי ווי די שטאָדט איז, אַזעלכע פערטרעטער שיקט זי אין פאַרלאַמענט. טאַקע פון בירמינגהעמס כלל־טהוער איז אַרויסגעקומען דער בעריהמטער דזשאָזעף טשעמבערלען, צוערשט דער מעיאָר פון שטאָדט (1875—1876), שפּעטער בירמינגהעמס פאָרשטעהער אין פאַרלאַמענט. ער האָט געמאַכט רעדען פון זיך די גאַנצע וועלט אַלס קאָלאָניאַל־מיניסטער, אַלס דער איניציאַטאָר פון דעם בורען־קריעג, אַלס אַנפיהרער פון דער אימפּעריאַליסטישער בעוועגונג און אַלס שונדהעלד פון דער בולוואַר־פרעסע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז טשעמבערלען'ס פּאָליטיק איז אַם שטאַרקסטען און אַם ליידענשאַפטליכסטען פערדאַמט געוואָרען פון אַ מאַנטשעסטער צייטונג THE MANCHESTER GUARDIAN איינע פון די איינפלוסרייכסטע דעמאָקראַטישע צייטונגען און איינע פון די וויינינגע, וועלכע זיינען טריי געבליעבען די טראַדיציעס פון ענגלישען ליבעראַליזם. די צייטונג הערט ניט אויף צו קריטיקירען מיט ביטערקייט גרעי'ס פערסיינע פּאָליטיק, פערטיידיגט וואַרם אַ דערנעהענטערונג מיט דייטשלאַנד, פערוואַרפט מיט פעראַכטונג די אידעע פון די רעאַקציאָנערע אויטאָפּיסטען וועגען איינפיהרען אַלגעמיינע מיליטער־פליכט אין ענגלאַנד און איצט פּראָטעסטירט זי העפטיג געגען דעם פּראָיעקט צו פערוואַנדלען דעם „דריי־אָבמאַך“ אין אַ „דריי־בונד“. אַ מיליטערישער בונד פון ענגלאַנד מיט פראַנקרייך און רוסלאַנד וועט, מיינט זי, אַריינשלעפען ענגלאַנד אין אַ שווערען פּאָליטישען פּלאָנטער און גאָר אין גיכען פערפיהרען צו די ריזיקאַלישסטע אונטערנעהמונגען.

דער מעטאַלענער בירמינגהעם און דער באַוועלנער מאַנטשעסטער דאָס זיינען צוויי טיפּישע שטעדט, וועלכע שטעלען פאָר צוויי פערשיעדענע ריכטונגען, צוויי שאַטירונגען פון דער ענגלישער אויסערער פּאָליטיק. בירמינגהעם שטעהט פאַר אַן אַקטיווען קריגערישען אימפּעריאַליזם, פאַר אַ בונד מיט פראַנקרייך; מאַנטשעסטער פאַר אַ פּאַסיווען „פערטיידיגונגס“־אימפּעריאַליזם. ענגלאַנד דאַרף ניט זוכען אויסצושפּרייטען די שוין אַזוי אויך צושפּרייטע ענגלישע גרענעצען. ענגלאַנד דאַרף זיך איינשטעלען בלויז פאַר ענגלאַנדס אַלטע פּאָזיציאָנען — ניט מעהר. אויף מאַנטשעסטערס פאָהן שטעהט אָנגעשריעבען; „פריעדען אום יעדען פּרייז!“ אויף בירמינגהעמס פאָהן: „אונטערנעהמערישע פּאָליטיק, און מעג זי פיהרען צו מלחמה“.

ב. שאפיר

ליעדער

פון מיין שטעדטעל.

פון מיין שטעדטעל אויף די פעלדער
בין איך פריה ארויסגעגאַנגען;
אָפּגעוואַשען, אויסגעצוואָגען,
שטעהען אויסגעשטעלט די זאנגען.

אויסגעשטעלט מיט דינע שפּיזען
גאַנצע מחנות, ווי סאָלדאַטען;
און מיט טהוי — מיט זילבער־אַרבעס
האָט דער הימעל זיי בעשאָטען.

כ'געה. עס פליסט א וואַרעם לופטעל,
ליפּען כוואַליעס, כוואַליעס זאַנגען,
און מיר ליפּען נאָך פון שטעדטעל:
מענשען־שטימען, קלויסטער־קלאַנגען.

און די זון פון בלויען הימעל
גיסט איהר שיין אויף אַלע זייטען,
און דאָס טייכעל, ווי מיט זילבער,
בלישטשעט, פינקעלט פון דער ווייטען.

דאָרטען שטעהט שוין גרייט א שיפעל,
און עס הויעגט זיך ווי א וויעגעל,
מיט צולאָזטע שטיקער לייוועגט,
ווי מיט גרויסע אָדלער־פליגעל.

זייט געזונד מיין היים, מיין ליעבסטע,
זייט געזונד! איך לאָז מיך פאָהרען:
איבער טייכען, איבער ימים —
זוכען מיינע יונגע יאָהרען...

* * *

כ'האָב א האַרץ — א בית המקדש,
און עס ברענט דאָרט א נר־תמיד.
מיידלעך קומען ליעבע בעטען
אין מיין האַרצען פאַר'ן עמוד.

און מיין האַרץ — דער ארון־קודש
איז באשטענדיג אויפגעשלאָסען;
וויפיעל תפילות — ליעבע־זיפצען
ווערט אין איהם אַריינגעגאָסען! . . .

נור פון זיי'רע הייסע תפילות
רייסט דאָס האַרץ מיינס זיך אויף שטיקלעך:
מיר פון זיי בלייבט נור די זיפצען,
זיי — מיט ליעבע ווערען גליקליך...

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי

אידישקייט און קאפיטאליזם

.4

דער צענטער אי פון דער „קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט“, אי פון דעם „אידישען וועזען“ איז געלד (ז. 329). ביי אידען ווערט אַלץ געמאָסטען מיט געלד, מען האָט אפילו חתונה צוליעב געלד — אזוי כאַראַקטעריזירט זאָמבאַרט דעם „אידישען גייסט“. עס איז צו לעכערליך, אַז זאָמבארט זאָל אַליין ניט איינזעהן, אַז דאָס איז גאָר ניט ספּעציעל אידיש, נור אַלגעמיין מענשליך אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. „דאָס ספּעציעל אידישע“ זעהט ער אין דעם, וואָס מען שעמט זיך ניט דערמיט, מען זאָגט עס ארויס אָפען, בעת די גוי'אישע „וואוכערערס ריכטען זאָלכעס אַלעס אויס אונטער דעם שיין דעם קריסטליכען נאמענס“ (ז. 157). נו, איז אפילו דאָס אויך ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אידען אליין. גליעב אוספּענסקי געפינט פונקט דעמזעלבעגען געלד־גייסט ביי די רוסישע פויערים. דער גאַנצער דאָרף רעדט מיט רחמנות וועגען א פויער, וואָס זיין גאָספּאָדאַרקע געהט צו גרונד, ווייל ער האָט א שוואַכע און קרענקליכע ווייב. מאַכט גאָט, אז די ווייב שטאַרבט. רעדט מען אין דאָרף וועגען דעם אזוי: איצטער וועט זיך איוואַן פּאָפּראַווען, וואָרים ער וועט נעהמען א שטאַרקע, א געזונדע ווייב. דער געלד־גייסט איז אפּנים אינטערנאַציאָנאַל אויף א געוויסער מדרגה פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג.

מילא, פון וואַנען זשע האָט זיך ביי דעם

אידען גענומען דער געלד־גייסט? ניט פון סאַכאַראַ, זיכער!

די אידען האָבען נאָך פון די אוראַלטע צייטען שטענדיג געהאַט א סך גאָלד און זילבער. דוד המלך האָט געקראָגען א סך גאָלד און זילבער פון די פעלקער, מיט וועלכע ער האָט געפיהרט מלחמה. שפּעטער איז אריינגעקומען א סך גאָלד אין דעם בית המקדש אין ירושלים. אויף דעם אופן האָבען די אידען האָלט געקראָגען געלד.

דאָס מעג זיך זיין גאַנץ ריכטיג, אָבער דאָ שטעלען זיך ווידער צוויי וויכטיגע פראַגען. ערשטענס, איז א סך מעהר גאָלד און זילבער אריינגעקומען אין אלטען רוים, וואָס האָט שטענדיג געפיהרט מלחמה און האָט באַראַבעוועט די גאַנצע וועלט. אלזאָ, האָט דאָך געקענט די געלד־ווירטשאַפט זיך ענטוויקלען א סך לייכטער אין רוים איידער אין ירושלים, וואָס איז אין די בעסטע צייטען געווען ניט מעהר ווי א רעליגיעזער צענטער פאַר אידען. זאָמבאַרט ווייזט אויף אליין, אז די בעפעלקערונג פון ירושלים איז געווען ניט מעהר ווי 25.000, ס'הייסט, עס איז געווען א שטאָדט, אן ערך, ווי פינסק. ווי האָט זי זיך געקענט גלייכען מיט א וועלטשטאָדט ווי רוים!

צווייטענס, גאָלד וואַלגערט זיך דאָך ניט אויף די גאַסען ווי זאַמד, מען דאַרף עס זוכען. עס געפינט זיך אין טייכלאך צומישט מיט זאַמד. אימיצער דאַרף עס אויסוואַשען און צוזאַמענשמעלצען. זילבער דאַרף מען אויסגראָבען פון אונטער דער ערד. אלזאָ, כדי די אידען זאָלען קענען קריגען גאָלד און זילבער, האָט שוין געמוזט עקזיסטירען ערגעץ א פּראָדוקציאָן פון דיזע מעטאַלען. די פעלקער וואָס האָבען זיי געגראָבען האָבען דאָך מסתמא אויך האָלט געהאַט די דאָזיגע מעטאַלען. אלזאָ, האָט זיך דאָך ביי זיי אויך געקענט ענטוויקלען דער קאַפּיטאַליסטישער גייסט. בלייבט דאָך ווידער א קשיה, פאַרוואָס זיינען עס דוקא די אידען געווען די גרינדער פון דער געלד־ווירטשאַפט און ניט יענע פעלקער, וואָס האָבען פּראָדוצירט גאָלד און זילבער?

ארום דער צייט פון דעם חורבן פון דעם צווייטען בית המדרש האָבען די רוימער באַטריבען זילבער־גרובען אין גריכענלאַנד מיט דער ארבייט פון שקלאַפען. זיי האָבען אלזאָ געהאַט פונקט אזאַ געלעגענהייט צו האַנדלען מיט עדעל־מעטאַלען, ווי די אידען.

עס האָט אלזאָ געמוזט זיין א בעזונדערע אורזאַכע, פאַרוואָס דוקא דער איד איז געוואָרען דער געלד־הענדלער צווישען די אומות העולם, און זאָמבאַרט אליין זאָגט עס: „בעדויטזאַמער אונד אין זיינע ווירקונגען דורכאויס קלאָר איזט דער אומשטאַנד דאַס דאַס שפּעטערע שיקזאַל דען יודען די געלד־ליעבע אויפנוויטיגטע און די געלד־קונסט אנציכטען מוזטע" (ז. 429). עס איז אלזאָ ניט דערפאַר וואָס מיט טויזענדער יאָהרען צוריק איז דער איד געווען א פאַסטוך אין סאַכאַראַ, נור דערפאַר, וואָס ער איז אין גלות געצוואונגען געווען צו האַנדלען מיט געלד. מיט אַנדערע ווערטער, די קאַפּיטאַליסטישע טהעטיגקייט פון דעם אידען שטאַמט ניט פון דעם אידישען גייסט, נור פון דער אידישער לאַגע אין די גלות־לענדער.

בשעת די אידען האָבען געלעבט אין ארץ ישראל, איז דער האַנדעל אין ארץ ישראל גופא, אפילו די פעדלעריי, געלעגען אין גוי'אישע הענד, פון דעם וועלט־האַנדעל שוין אָבגערעדט. אזוי דערצעהלט זאָמבאַרט אליין. דער תלמוד איז דורכגעדרונגען מיט דער געזינונג פון א פאָלק פון פאַרמערס, וואָס פּראָדוצירט אליין כמעט אלצדינג פאַר זייער אייגענעם פאַרצעהר (וואָס מען רופט „נאַטוראַל ווירטשאַפט" אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע). זאָמבאַרט ציטירט די פאָלגענדע שטעלע פון רבי יחי בן יהושוע: צו וועמען איז יענער געגליכען וואָס קויפט פרוכטען אין מאַרק? צו א קינד, וועמעס מוטער איז געשטאָרבען; מען זוכט מיט איהם די טהירען פון די מיטער, וואָס זויגען זייערע קינדער, אָבער דאָס קינד ווערט ניט זאַט. ווער עס קויפט ברויט אין מאַרק איז געגליכען צו יענעם, וואָס גראָבט פאַר זיך אליין דעם קבר אין וועלכען ער וועט בעגראָבען ווערען" (ז. 367). ער ציטירט נאָך א פּאָאר שטעלען פון אַנדערע רבנים, וואָס ווייזען, אז דאָס איז געווען די הערשענדע מיינונג אין יענער צייט. דאָס איז זיכער ניט דער גייסט פון קאַפּיטאַליזמוס. אויב, אלזאָ, די היינטיגע אידען ווייזען ארויס א קאַפּיטאַליסטישען גייסט, וואָרצעלט ער זיך ניט אין דער מדבר סאַכאַראַ און אפילו ניט אין דער תלמוד'יסטישער צייט, נור אין זייער שפּעטערער געשיכטע. א סוחר איז דער איד געוואָרען אין גלות. מיינט זאָמבאַרט, אז די אידישע וואַנדערונג איז געווען די וויכטיגסטע קראַפט אין דער געשעפטליכער ענטוויקלונג פון די גלות־לענדער.

שפּאַניען איז געגאַנגען ארונטער, און באַלד נאָכדעם איז האָלאַנד אויסגעוואַקסען; א סך שטעדט אין איטאַליען און דייטשלאַנד זיינען געזונקען און זייער האַנדעל איז איבערגעגאַנגען אין אַנדערע שטעדט, ווי ליוואָרנאָ, אין איטאַליען, ליאָן, אין פראַנקרייך, אַנטווערפּען, אין דער היינטיגער בעלגיען, האַמבורג און פראַנקפורט־אם־מיין, אין דייטשלאַנד. היסטאָריקער האָבען עס ערקלערט דורך דעם, וואָס מען האָט געפונען דעם וועג מיט'ן ים קיין אינדיען, אז געוויסע מדינות האָבען געקראָגען א שטאַרקע מאַכט, אַנדערע זיינען פּאָליטיש אָפּגעשוואַכט געוואָרען. פאַר זאָמבאַרט'ן אָבער איז דאָס ניט גענוג. צוזאַמענשטעלענדיג דעם וואוקס און

אונטערגאַנג פון יענע שטעדט מיט דער געשיכטע
פון דער אידישער וואַנדערונג, האָט ער דער־
זעהן, אַז גראַד אין דערזעלבער צייט, ווען די
אידען האָבען געמוזט אויסוואַנדערען פון געווי־
סע לענדער אין אַנדערע, איז דאָרטען פון וואַנען
זיי זיינען אַוועק געוואָרען אַ וויסטעניש, און
וואוהין זיי זיינען געקומען, האָט דער געשעפט
פון לאַנד אויפגעבליהט (ז. 666).

ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט נור אום
דעם אידישען נאַציאָנאַלען שטאָלץ, וואָלטען מיר
געקענט זיין גאַנץ צופריעדען מיט דעם אויבען־
אָן, וואָס זאָמבּאַרט וויל אונז אַוועקגעבען אין
דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון די
קריסטליכע לענדער. פון אַ וויסענשאַפטליכען
שטאַנדפּונקט אָבער, איז די ערשטע פראַגע
צי זיין טעאָריע איז ריכטיג. עס איז אַ געוועהנ־
ליכער לאָגישער טעות, ווען מען געפינט, אַז
צוויי פאַקטען טרעפען זיך צוזאַמען, צו שליעסען,
אַז איין פאַקט האָט געמוזט זיין די אורזאַכע
פון דעם צווייטען. אַז אַ שטאָדט מוז רואינירט
ווערען ווען עס ווערען פון איהר פערטריבען
טויזענדער מענשען, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט
מיט האַנדעל, איז קלאָר. וואָס איז שייך אָבער
צו די שטעדט וואוהין די אידען האָבען זיך גע־
ראַטעוועט, דאַרף מען ערשט וויסען, צי יענע
שטעדט זיינען פאַר דעם אָנקומען פון די אידען
שוין אויך געווען האַנדעלס־שטעדט, אָדער עס
זיינען געווען ניט מעהר ווי פּאָליטישע אָדער
רעליגיעזע צענטרען, וואו דער עולם פלעגט אין
געוויסע חגאות צוזאַמענפאָהרען זיך אויף אַ יריד,
און ווען די אידען האָבען זיך דאָרטען באַזעצט,
האָבען זיך די קליינע שטעדטלעך ענטוויקעלט אין
גרויסע האַנדעלס־צענטרען. אויב אַזוי, טו מעג
מען דענקען; אַז די אידען האָבען דאָרטען גע־
מאַכט דעם אָנהויב פון קאַפּיטאַליזמוס; אויב
זיי זיינען אָבער געקומען אויף אַלעס פאַרטיג,
טו הייסט דאָס, אַז ניט זיי האָבען געשאַפען
דעם קאַפּיטאַליזמוס, נור זיי האָבען פאַר זיך
דאָרטען געפונען אַ פּלאַץ, דערפאַר, וואָס די
ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזמוס האָט זיי
געגעבען אַ געלעגענהייט צו מאַכען אַ לעבען פון
האַנדעל. איז אויף דערויף דער תירוץ, אַז אין
דערין ליעגט דאָך טאַקע דער קאַפּיטאַליסטישער
גייסט פון די אידען, דאָס ווען זיי האָבען גע־
דאַרפט נעהמען דעם וואַנדער־שטעקען האָט זיי
אימער געצויגען אין אַזעלכע לענדער, וואו דער
געשעפט איז געווען לעבעדיג. דאָס וואָלט גע־
ווען אַ גוטער תירוץ, ווען עס וואָלט געווען ריכ־
טיג. פאַקטיש אָבער, האָבען זיך דאָס רוב אי־
דען באַזעצט אין די סלאַווישע לענדער, וואו דער
געשעפטס־לעבען איז ביז דער לעצטער צייט
געווען זעהר שלאָפעדיג און דער קאַפּיטאַליזמוס
הויבט זיך אָן ערשט צו ענטוויקלען אין דער
גאָר לעצטער צייט, נאָכדעם ווי די אידען זיי־
נען דאָרטען אָפּגעזעסען עטליכע הונדערט יאָהר.

די מאַסען־אויסוואַנדערונג פון די רוסישע
אידען אין דער צייט פון די לעצטע דרייסיג
יאָהר ליפערט די בעסטע געלעגענהייטען נאָכצור־
פאָרשען, וואָס דער „קאַפּיטאַליסטישער גייסט"
פון די אידישע אויסוואַנדערער קען אויפטהאָן,
וואָרים די פאַקטען ליעגען פאַר אונזערע אויגען.
פערגלייכט די רעזולטאַטען פון דער אידישער
איינוואַנדערונג אין אַמעריקאַ און אין פּאַלעסטי־
נאַ. דאַכט זיך, דיזעלביגע אידען, פון דערזעלבי־
גער לאַנד, אויפגעוואַקסען אין דיזעלביגע אי־
דעען — אויב עס ליעגט אין זייער בלוט דער
קאַפּיטאַליסטישער גייסט, טו האָט ער זיך גע־
דאַרפט לאָזען פיהלען אי אין פּאַלעסטינאַ, אי
אין אַמעריקאַ. וואָס־זשע לאָזט זיך אויס? אין
אַמעריקאַ האָבען די רוסישע אידען אין דער
צייט פון די דרייסיג יאָהר אַרויסגעגעבען אַ סך
קאַפּיטאַליסטען אויף אַלערליי געביטען. זיי האָ־
בען אַריינגענומען אין זייערע הענד געוויסע
אינדוסטריען, הויפּטזעכליך די פאַבריקאַציע פון
קליידער. אין פּאַלעסטינאַ האָבען זיי קיין קאַ־
פּיטאַליסטישע אינדוסטריע ניט געשאַפען. אַ
קליינע צאָהל האָבען זיך באַזעצט אין די קאָ־
לאָניעס; די, וואָס האָבען זיך ניט געקענט צור־
פּאַסען צו דעם לעבען אין די קאָלאָניעס, זיי־
נען גרעסטענטהיילס אריבערגעקומען קיין אַמע־
ריקאַ; די וואָס זיינען געבליבען אין לאַנד,
מאַטערען זיך אויף אַלערליי אופנים אין די
פּאָאַר שטעדט. דער זאָמבּאַרט'ישער „קאַפּיטאַ־
ליסטישער גייסט" האָט זיי ניט געהאָלפען. דער
אונטערשיעד איז קלאָר בעשיימפערלאַך: דער
אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזמוס האָט געגעבען די
איינגעוואַנדערטע רוסישע אידען די מעגליכקייט
צו בעטייליגען זיך אין דער קאַפּיטאַליסטישער
טהעטיגקייט פון לאַנד; אין פּאַלעסטינאַ האָט דער
הוילער „קאַפּיטאַליסטישער גייסט" זייערער ניט
פערמאָגט צו שאַפען אפילו קיין אָנפאַנג פון
קאַפּיטאַליזמוס.

פערשטעהט זיך, זינט די אידען זיינען
געוואָרען אַ פאָלק פון סוחרים, האָבען זיי גע־
שפּיעלט די ראָלע פון פּיאָנערען אין אַלערליי
צווייגען פון דעם וועלט־האַנדעל. נאָך זאָמ־
באַרט'ס מעטאָדע אָבער, וואו עס לאָזט זיך נור
נאָכווייזען, אַז די אידען האָבען זיך פערנומען
מיט אַ געוויסען געשעפט, הייסט דאָס שוין, אַז
מסתמא שטאַמט דער גאַנצער געשעפט ניט אַנ־
דערש ווי פון אַ אידישער קעפּעלע.

למשל, אַ פינפטעל פון אַלע סוחרים, וואָס
פלעגען קומען אויף די דייטשע יריד'ען אין דער
צייט פון 1767 ביז 1839, זיינען געווען אידען
(ז. 26). ווייזט דאָך דאָס, אַז פון יעדע פינף
סוחרים זיינען דאָך פיער געווען גוים. פון וואַ־
נען־זשע איז דאָס געדרונגען, אַז נור דער איין
איד האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם
קאַפּיטאַליזמוס, און ניט די פיער גוים?
די ראָלע וואָס די אידען האָבען געשפּיעלט

אין דעם געלד־געשעפט איז גוט בעקאַנט. דער בעריהמטער דייטש־אידישער יוריסט גאָלדשמידט ווייזט אין זיין ווערק איבער האַנדעלס־רעכט, אז די אידען האָבען געשאַפען די אַנווייזונג, ווייל אידישע מלוה'עס זיינען שוין מיט א יאָהר אַכטציין הונדערט צוריק געווען טעטיג אין אַלע לענדער און זיינען געווען פערבונדען אונטעראייגאַנדער. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם באַנק־געשעפט. דערפון אָבער, וואָס ביי דער גרינדונג פון דעם אַמסטערדאַמ'ער באַנק, פון דעם האַמבורג'ער באַנק און אפילו פון דער באַנק אָוו ענגלאַנד האָבען אנטייל גענומען א פּאָאר אידען, איז נאָך ניט געדרונגען, אז דער באַנקגעשעפט איז אין יענע צייטען אויף געבליעבען א אידישער געשעפט. גאַנץ פערקעהרט. עס זיינען דאָך אין די דאָזיגע אונטערנעהמונגען טהעטיג געווען א סך מעהרער גוים ווי אידען — פאַרוואָס־זשע קומט דער גאַנצער כבוד דוקא די אידען ?

אין דעם קרעדיט, פערשטעהט איהר, ווייזט זיך ארויס דער אידישער גייסט, וואָס איז מקריב דעם היינט פאַר דעם מאָרגען, און אין דערין ליעגט די „נאַטור“ פון דעם קאַפּיטאַליזמוס (ז. 330). איז דאָס אָבער כאַראַקטעריסטיש איינציג און אליין פאַר דעם קאַפּיטאַליזמוס ?—און וואָס איז אַקערבוי און ספּעציעל גערטנעריי ? א גערטנער, וואָס פערפלאַנצט א פרוכט־בוים, מוז וואַרטען עטליכע יאָהר איידער ער וועט פון איהם האָבען פּרות. און גערטנעריי האָט עקזיסטירט מיט טויזענדער יאָהרען פריהער פאַר דעם קאַפּיטאַליזמוס.

דער איד פאַסט זיך פון נאַטור פאַר א בערזען־ספּעקולאַנט, ווייל ער האָט אימער געקענט גוט רעכענען (ז. 322). עס איז אָבער א פאַקט, אז ניט די אידען האָבען די בערזע געשאַפען. זאָמבאַרט ווייזט אליין, אז די אידען האָבען נאָך אין מיטען פון דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט אָפּיציעל ניט געהאַט קיין צוטריט צו דעם לאָנדאָנער סטאַק עקסטשענדזש. די לאַגע איז שוין אין יענער צייט ניט זעהר שטרענג אָפּגעהיט געוואָרען, דער פאַקט אָבער, אז עס האָט עקזיסטירט אַזאַ לאַגע איז דאָך א קלאָרער בעוויז, אז עס איז געווען א צייט, ווען דער לאָנדאָנער סטאַק־עקסטשענדזש איז געווען אין די הענד פון ענגלענדער. אין 1697 האָבען די אידען און אַלע אויסלענדער צוזאַמען אויסגעמאַכט ניט מעהר ווי צוואַנציג פּראָצענט פון אַלע בראָוקערס אויף דעם לאָנדאָנער סטאַקעקסטשענדזש, דאָס הייסט, אז אַכציג פּראָצענט זיינען געווען געבאָרענע ענגלענדער. אין בערלין, וואו עס זיינען געווען מעהר אידען איידער אין ענגלאַנד, האָבען די אידען מיט הונדערט יאָהר צוריק אויסגעמאַכט אן ערך א העלפט פון דער בערזען־קאָמיטע, אָבער די אַנדער העלפט זיינען דאָך געווען דייטשען.

די פיהרענדע ראָלע פון די אידען אויף דעם פראַנצויזישען געלד־מאַרק הויבט זיך אָן נאָר אין דעם 19טען יאָהרהונדערט. עס זיינען אָבער דאָך שוין געווען פינאַנסיסטען אין פראַנקרייך פאַר יענער צייט ? נו, טו איז „זעהר לייכט מעגליך“, אז שוין אין דעם 17טען און אין דעם 18טען יאָהרהונדערט זיינען געווען א סך אידען טהעטיג אין דער פינאַנץ־וועלט, אָבער היות ווי אידען האָבען זיך דעמאָלט ניט געטאָרט בעטייליגען אין אַזעלכע געשעפטען, „איז זעהר לייכט מעגליך“, אז זיי האָבען זיך אָנגעגעבען פאַר קריסטען (ז. 56). דאָס זיינען די בעווייזע, עס קען זיין אז יאָ, עס קען זיין אז ניט.

צו זאָגען, אז דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער בערזע שטאַמט דערפון, וואָס דעם אַלטען מאיר־אנשעל ראָטשילד'ס זיהן האָבען זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, אין וויען און אין נעאַפּאָל, „אונד האמיט בירגערטע זיך ביים פובליקום די געוואָהנהייט ערסט רעכט איין, זיין געלד אויך אין פרעמדען פּאַפּירען אנצולעגען“ (ז. 116) — פּאַסט פּשוט ניט פאַר א פּראָפעסאָר פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע. ס'הייסט, ווען דער אַלטער ראָטשילד וואָלט געווען א בעזדעטניק, וואָלט אפשר עד היום הזה די וועלט ניט געוואוסט פון דער אינטערנאַציאָנאַליטעט פון דער בערזע.

אָבער לאָז זיין, אז די ראָטשילדס האָבען „דייטליך אויפגעדריקט“ דער בערזע איהר „אינטערנאַציאָנאַליטעט“, איז דאָס נאָך פאָרט ניט קיין בעוויז, אז די אידען האָבען געשאַפען דעם קאַפּיטאַליזמוס. וואָרים זאָמבאַרט אליין באמערקט, אז אין אדאַם סמיט'ס בעריהמטען בוך „איבער דעם רייכטום פון פעלקער“, וואָס איז ערשיענען אין דעם ענדע פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט, ווערט מיט קיין איינציגען וואָרט ניט דערמאָהנט וועגען דער בערזע. דער קאַפּיטאַליזמוס איז אין דער צייט פון אדאַם סמיט שוין געווען היבש ענטוויקעלט, זיין בוך ווערט בעטראַכט פאַר דעם גרונד־שטיין פון דער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, דאָס הייסט, אז אין יענער צייט האָט נאָך די בערזע ניט געשפּיעלט קיין וויכטיגע ראָלע אין דעם קאַפּיטאַליסטישען געשעפטס־לעבען. פּראָדוקציאָן איז דעמאָלט געווען די הויפּטזאַך, און אין דער אינדוסטרי האָבען די אידען ניט געשפּיעלט קיין הויפּט־ראָלע. זאמבארט גיט אליין צו, אז די אינדוסטריע וואָלט זיך „אָהנע זי... עבענזאָ ענטוויקעלט“ (ז. 132־133).

.5

מילא, אויב דער איד האָט ניט געשאַפען דעם קאַפּיטאַליזמוס, טו איז ער אָבער געווען דער פּיאָניער פון די מאָדערנע מעטאָדען אין ביזנעס, וואָס היינט־צוטאָג זיינען זיי אָנגענומען פון דער גאַנצער וועלט : ער האָט איי־

געפיהרט פרייע קאָנקורענץ. די אידען האָבען געבראָכען מיט אַלע פּאַרצייטיגע מנהגים פון האַנדעל און האַנדווערק: זיי האָבען פאַרקויפט וועלוועלער איידער די גוים, זיי האָבען אדווערטייזט זייער סחורה וואָס איז ביי די פּערצייטיגע סוחרים בעטראַכט געוואָרען פאַר אונאנשטענדיג. זיי האָבען געזוכט צוציהען קונדען דורך אויסגעפּוצטע פענסטער, זיי פלעגען אָנשלאָגען זייער סחורה צו די קונדען. דאָס ערקלערט זאמבארט גאַנץ ריכטיג דורך זייער „פרעמדקייט“ און „האַלב־בירגערטום“. די גוי'אישע אָרגאַניזאַציאָנען פון קרעמער און בעלי מלאכות זיינען פאַר די אידען געווען פארשלאָסען, דעריבער האָבען זיי זיך ניט גערעכענט מיט דער גוי'אישער אָפיציעלער עפענטליכער מיינונג; ווען זיי האָבען ניט געפאָלגט די גוי'אישע מנהגים, האָבען זיי זיך ביי זיך ניט געפיהלט פאַר אונגערעכט, וואָרים די דאָזיגע מנהגים האָבען זיי געהאַלטען פאַר אונזיניג. און די פרעמדקייט פון די אידען קומט פון זייער רעליגיאָן וואָס האָט פון זיי געפאָדערט, זיי זאָלען זיך האַלטען פון ווייטען פון די גוים, ניט דערפון וואָס די גוים האָבען זיי ניט צוגעלאָזען צו זיך.

איז אָבער ווידער אַ קשיה: אויב די אידישע אָפּגעזונדערטקייט שטאַמט פון דער אידישער רעליגיאָן, טו ווי קומט עס, אַז די אשכנזים האָבען געלעבט אין אַ געטאָ, בעת די ספרדים האָבען ניט געלעבט אין אַ געטאָ? די רעליגיאָן איז דאָך אי ביי די, אי ביי יענע געווען דיזעלביגע. איז דער תירוץ, אַז מסתמא זיינען זיי פון נאַטור געווען פאַרשידענע סאָרטען אידען, כאָטש דאָס „לאָזט זיך מיט די איצטיגע מיטלען ניט ענטשיידען“ (ז. 432), עס איז אָבער בלי ספק אזוי: „עס ווירד זיך קאום בעצווייפעלן לאסען, דאס איין טייל דער יודען נור דארום דעם געטאָ־לעבען אנהיימפיעל, וייל ער זיינער נאַטור נאך דאצו נייגטע“ (ז. 432).

דאָס וואָס ער ווידערשפּערכט זיך אַליין אויף יעדען שריט, קומט דערפון וואָס ער האָט איבערגעקעהרט די געשיכטע קאַפּויר און וויל דוקא אויספיהרען, אַז דער אידישער גייסט איז געווען דער קוואַל, ניט דער פּראָדוקט פון דער אידישער טעטיגקייט. ווען מען בעטראַכט אונפּאַרטייאיש די פאַקטען, וואָס זאמבארט דערצעהלט אַליין, טו מוז מען קומען צו דער איינזיכט, אַז די אַלטע מנהגים, מיט וועלכע די אידען האָבען געבראָכען, וואָלטען אָהן זיי אויך געבראָכען געוואָרען, וואָרים זיי זיינען געשטאַנען אין וועג פון דעם פּראָגרעס פון געשעפט. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אין דער צייט ווען די גוי'אישע סוחרים הויבען זיך אָן צו באַקלאָגען אויף זייערע אידישע קאָנקורענטען, אַז זיי פיהרען זיך ניט לויט דער סוחר'שער עטיקע, האָט מען זיך שוין אָן די געבאָטען פון דער דאָזיגער עטיקע ניט זעהר שטאַרק געהאַלטען אפילו אין גוי'אישע קרייזען (ז. ז. 152—153).

ווייטער, אויף ווי ווייט די געשעפטסמעטאָדען פון די אידען אין דעם אָנפאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער צייט ערקלערען זיך מיט זייער „האַלב־בירגערטום“, שטאַמט דאָך די אידישע רעכטלאָזיגקייט זיכער ניט פון דעם גייסט פון דעם אידישען רעכט. זאָמבארט זאָגט זיך אגב אוועק אין אַנאַנדער שטעלע גאָר פאַרקעהרט, אַז די באשרענקונג פון די אידיישע רעכטע האָבען כמעט קיין באַדייטונג ניט געהאַט פאַר די ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג פון די אידען (ז. 207). זיינע אייגענע פאַקטען אָבער רעדען געגען איהם.

נעהמט למשל דעם „אינהאבער־פּאַפּיר“, וואָס ער האַלט פאַר זעהר אַ וויכטיגען אויסדרוק פון דעם „אידישען גייסט“.

לאָמיר אייך ערקלערען וואָס דאָס איז אַזוינס. די אידען האָבען די ערסטע איינגעפיהרט, אַז ווען אַן עקספּעדיטאָר שיקט ארויס וואארע זאָל אין דער קוויטאַנציע חוץ דעם נאָמען אויף וועלכען זי ווערט געשיקט, אויך שטעהן געשריעבען, אַז זי מעג געליפערט ווערן צו יעדען איינעם ווער עס וועט ווייזען די קוויטאַנציע. דאָס פלעגט מען טאָן דערפאַר וואָס אין די אַלטע צייטען ווען מען פלעגט שיקען וואארע איבער'ן ים האָט דער איד מורא געהאַט פאַר פּיראַטען, וואָרים בארויבען אַ אידען איז אין יענער צייט געווען כמעט אַ מצוה, און דער איד האָט געוואוסט, אַז די ריכטער וועלען זיך פאַר זיין קריוודע ניט אננעהמען. דעריבער פלעגט ער אויסשטעלען די קוויטאַנציע אויף אַן אויסגעטראַכטען גוי'אישען נאָמען, און דערנאָך פלעגט שוין דער איד אויף דעם אַנדערן ענד קומען מיט דער קוויטאַנציע און אָפּנעהמען די וואַרע. דאָס איז געווען אַ גאַנץ קלוגער איינפאַל, און דערפון האָבען זיך ענטוויקעלט וואָס דער דייטש רופט „אינהאבערפּאַפּירען“ (אויף ענגליש „טו בערער“, אויף רוסיש — „נא פּרעדיאַוויטיעליא“). אָבער ווען איהר בעטראַכט די מעשה טיעפער, וואָס איז דאָ דער גרונד, „דער גייסט דעם יודישען רעכטס“, אָדער די גוי'אישע גזירות?

.6

אויב איהר ווילט זעהען ווי דער „ספּעציפיש אידיישער גייסט“ האָט געווירקט וואו ער איז געווען פריי, טו דאַרפט איהר וואַרפען אַ בליק אויף אַמעריקאַ, „וואָרים דאָס וואָס מען רופט אַמעריקאַניזמוס איז צו זעהר אַ גרויסען טייל קיין אַנדער זאַך ניט ווי דער אידישער גייסט“ (ז. 44). „עס איז ניטאָ קיין אַנדער לאַנד וואָס זאָל זיין אזוי אָנגעפילט מיט דעם אידישען וועזען פון אויבען ביז אַרונטער יוי

די פּעראייניגטע שטאַאטען" (ז. 39). איהר ווילט וויסען, פון וואנען ער נעהמט דאָס ? פין די לעטערס וואָס פּרעזידענט רוזוועלט און דער געוועזענער פּרעזידענט קליוולאנד האָבען צוגעשיקט צו דעם 250־יעהריגען יובילעאום פון די אידען אין אַמעריקאַ! אזוי ווי מען וואָלט געקענט נעהמען ערנסט אַ פּאָר שעהנע פראזען וואָס אַן אמעריקאנער פּאָליטישען האָט געזאָגט ביי אזא שמחה.

נאַטירליך, איז דאָס ניט זיין איינציגער אויטאָריטעט. ער מיינט, אַז ווען מען שטודירט די דאָקומענטען, מוז מען קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז „אַמעריקאַ איז אין אַלע איהרע טיילען אַ יודען־לאַנד" (ז. 31). וואָס־זשע שטעהט אין די דאָקומענטען ?

ערסטענס, האָבען די מאַטעמאַטישע און אסטראנאָמישע ארבייטען פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגאַלישע אידען מעגליך געמאַכט דעם פּאָהרען אויף שיפען איבער'ן אָקעאַן. צווייטענס, האָט קאָלומבוס געקראָגען אויף הוצאות ביי אידען. אויף זיין ערשטע רייזע האָט ער געקראָגען אַן הלואה ביי לואיס דע סאנטאנכעל, און אויף די צווייטע רייזע האָט איהם קעניג פּערדינאַנד געגעבען פון די געלט וואָס די שפּאַנישע רעגיערונג האָט אַוועקגערויבט ביי די פאַרטריבענע אידען. (מען מוז צוגעבען, אַז ווען די שפּאַנישע אידען וואָלטען ניט אנגעקליעבען קיין געלט, וואָלט פּערדינאַנד ניט געהאַט וואָס ביי זיי צו נעהמען).

דריטענס, זיינען „אַללער וואהרשיינליכקייט נאָך . . . . גרעסערע שארען פאָן יודען" אריבערגעקומען אויף האָלענדישע און פּאָרטוגאַלישע שיפען קיין וועסט־אינדיא, — גענוי וויס מען דאָס נאָך ניט (ז. 30). עס איז אָבער בעקאַנט, אַז אין דעם זיבעצעהנטען יאָהר־הונדערט איז די צוקער אינדוסטרי אין וועסט־אינדיען שוין געלעגען אין אידישע הענט, און די צוקער־אינדוסטרי איז אין יענע צייטען געוועזען דער פונדאמענט פון דעם קאַפּיטאַליזמוס (זייטען 37 און 38).

פערטענס, זיינען די ענגלישע קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקאַ שטענדיג קורץ געווען אין געלד, וואָרים זיי האָבען קיין אייגענע פאבריק אינדוסטרי ניט געהאַט און יעטוועדע זאך פלעגען זיי מוזען קויפען אין ענגלאַנד. די געלט וואָס זיי האָבען נויטיג געהאַט פלעגען זיי זיך פאַרשאַפען דורך דעם האַנדעל מיט וועסט־אינדיע, און דער דאָזיגער האַנדעל איז געלעגען אין אידישע הענד.

היינט ווער האָט מעגליך געמאַכט די קאָלאָניזאציע פון די וועסט ? עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז פון 1843 ביז 1846 האָבען אידישע קאַפּיטאַליסטען אריבערגעבראַכט אין טעקסאס גאַנצע פינף טויזענד עמיגראנטען פון יוראָפּ (ז. 46). אין אַלגעמיין, ווען עס פלעגען זיך אַוועקלאָזען צוואַנציג פאַמיליעס ערגעץ אין די וועסט, פלעגען זיך ניינצעהן פון זיי באַזעצען אויף די פאַרמס און די צוואַנציגסטע פלעגט עפענען אַ דזשענעראַל סטאָר, — אָהן דעם דאָזיגען קרעמער וואָלטען די ניינצעהן פאַמיליעס ניט געקענט עקזיסטירען מיט זייער פאַרמעריי; און ווען מען וואָלט געקענט מאַכען אַן אונטערזוכונג, וואָלט מען אוודאי אויסגעפונען, אַז דער קרעמער איז געווען אַ איד (זייטען 44 און 45). אמת, קיינער האָט עס קיינמאָל ניט אונטערזוכט, עס איז איצטער אונמעגליך דאָס צו אונטערזוכען, און מען קען דעריבער ניט וויסען, וואָס אַזאַ אונטערזוכונג וואָלט אויפגעוויזען. עס איז גענוג אָבער וואָס זאמבארט זעהט דאָס מיט זיין „גייסטיגען אויג" (ז. 45)*).

שליסליך, שטיצט זיך זאָמבארט אויף די ראָלע וואָס די אידען האָבען געשפּיעלט אין דער ענטוויקלונג פון קאַליפאָרניא אין יענער צייט ווען מען האָט דאָרטען געפונען גאָלד, און וואָס זיי שפּיעלען היינטצוטאָג אין דעם באַנק־געשעפט, אין פיעלע אייזענבאַהנען אין טראָסטס, אין דעם האַנדעל מיט תבואה, קאַטאָן און טאַבאַק. אמת, ער גיט צו אַז לויט דער צאָהל אידישע קאַפּיטאַליסטען און דער פּראָפּאָרציע פון די ביזנעס וואָס זיי קאָנטראָלירען, איז ניט קענטיג, אַז זיי זאָלען זיין די בעלי בתים איבער דער אַמעריקאַנער אינדוסטרי, אָבער אויב נאָך ניט היינט, „טו ערשיינען שוין די פּעראייניגטע שטאַאטען אין פופציג אָדער הונדערט יאָהר אַרום אין אונזער פאַנטאַזיע גאַנץ קלאָהר אַלס אַ לאַנד וואָס וועט

*) זאָמבארט'ס אויג דערקענט אַ אידען, וואו קיינער האָט פאַר איהם גאָר קיין חשד ניט געהאַט, אַז דאָס איז אַ איד. אָט איז למשל דער פינאַנס־מיניסטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן, ראָבערט מאָריס. זיין גאַנצען לעבען האָט ער געגאָלטען פאַר אַ גוי. ווען איהר קוקט אויף זיין בילד, האָט ער קיין טראָפּען עהנליכקייט ניט געהאַט צו אַ אידען. עס איז בעקאַנט, אַז זיין ווייב איז געווען די שוועסטער פון דעם ערסטען בישאָפּ פון דער עפּיסקאָפּאַל טשורטש אין פּענסילווייניא. בעגראָבען ליעגט ער הינטער דער קרייסט טשורטש אין פילאַדעלפיאַ. אין דער ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ איז איבער זיין אידישקייט קיין וואָרט ניטאָ. אין דער „דזשואיש ענסייקלאָפּידיאַ", וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען דאָ, אין אמעריקא, איז זיין נאָמען אין גאַנצען ניט דערמאָנט. אָבער ביי זאמבארט'ן איז ער אויך פאררעכענט פאַר א אידען (ז. 59). ער שטיצט זיך אין א בעמערקונג אויף די ביאָגראַפיע פון ראָבערט מאריס'ן וואָס איז געשריעבען געוואָרען פון דעם באריהמטען פּראָפעסאָר סאָמנער פון יעיל יוניווערסיטי, יענער ווייס אָבער קיין וואָרט ניט צו זאָגען וועגען מאָריס'עס אידישקייט.

באשטעהען נאָר פון סלאַווען, נעגערן און אידען, וואו די אידען וועלען נאַטירליך שוין האָבען געוואונען די פיהרערשאַפט אין דער אינדוסטרי" (ז. 41).

.7

ווי מיר האָבען געזעהען, קריכט זאָמבארט פון די כלים צו דערווייזען, אַז די אידען זיינען פאַרשיעדען פון די זולוסען און די עסקימאָסען, און דעריבער מוז מען זיין בלינד ניט צו זעהען אַז זייער איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון די לענדער וואו זיי האָבען זיך באַזעצט, האָט געמוזט זיין גאָר אַנאַנדערער, ווי ווען אנשטאט אידען וואָלטען „אין די וועסט־אייראָפּעאישע לענדער זייט דעם אויסגאַנגע דעם מיטעלאַלטערס . . . . . גאָרילאַס איינגעוואַנדערט" (ז. 298). דאס איז גאַנץ שעהן, ניט דאָס אָבער האָט ער געדארפט באווייזען. די פראגע איז ניט צי די אידען האָבען געהאַט אַן איינפלוס אויף דעם לעבען פון יענע לענדער, נאָר וואָס פאר אַן איינפלוס. זאָמבארט זאָגט, אַז דער איינפלוס איז באַשטאַנען אין דערין וואָס זיי האָבען „אויסגעטראכט" דעם קאַפּיטאַליזמוס. און דאָס האָט ער ניט באַוויזען. און ער האָט עס אויך ניט געקענט באווייזען, פּשוט דערפאר וואָס קיינער האָט דעם קאַפּיטאַליזמוס ניט אויסגעטראכט, נאָר ער איז אויסגעוואקסען אויף אַ גאַנץ נאַטירליכען וועג פון דער „ארבייטס־טיילונג אין דער מאַנופאקטור" (וואָס מען רופט סעקשאָן־אַרבייט אין די שניידערשע טריידס דאָ אין אמעריקא). ווי מאַרקס האָט געוויזען אין דעם ערסטען בוך פון „דאָס קאַפּיטאַל". דיעזע פאָרמע פון ארבייטסטיילונג האָט זיך צוערסט ענטוויקעלט אין דעם אַכצעהנטען יאָהר־הונדערט אין דער ענגלישער מאַנופאקטור־אינדוסטרי, וואו די אידען האָבען גע־האַט זעהר אַ קנאַפּען אנטייל. דער קאַפּיטאַליסט האָט געשפּיעלט די ראָלע פון דעם אָרגאַניזאַטאָר אין דעם שאפּ (ז. ז. 191 און 192). ווען ער האָט איינגעשפּאָרט אַרבייט דורך סעקשאָן־אַרבייט, האָט ער דערביי פּראָפּיטירט. דער אנגעקליעבענער פּראָפּיט איז קאַפּיטאַל.

צו זיין אַ האַנדווערקער, אַ בעל מלאכה, איז נויטהיג שכל, קונסט. דער סעקשאָן־סיסטעם מאַכט די אַרבייט אַזוי איינפאַך, אַז זי קען געטהאָן ווערען פון אַ רעדעל אין אַ מאַשין פּונקט אַזוי גוט און אפילו בעסער ווי פון דער מענשליכער האַנד. אויף דעם אופן איז פון דער סעקשאָן־אַרבייט אַרויסגעקומען די מאַשין. און די מאַשין האָט געשאַפען די ריעזיגע פעקטארים פון דעם נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט, דאָס הייסט דעם היינטיגען קאַפּיטאַליזמוס. ווי עס איז „נאַריש" אָפּצולייקענען דעם רייכטום פון די אידישע גבירים דער־מיט וואָס „דער רייכסטע מאַן אין דייטשלאַנד אָדער די דריי רייכסטע מענער אין די פאַראייניגטען שטאַאַטען זיינען גערארדע קיינע יו־דען" (ז. 213), פּונקט אַזוי נאַריש איז עס ווען זאָמבארט וויל אויספיהרען, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס איז אידישקייט אין לייטעשע זאַכען, דערפון וואָס עס זיינען אין אַלע צייטען געווען אַ סך אידישע קאַפּיטאַליסטען.

אין דעם פאָריגען אַרטיקעל, גלייך אין ערשטען זאַץ, האָט זיך אריינגעכאַפּט אַ דרוק־פעהלער, וואָס האָט אין גאַנצען איבערגעביטען דעם זין פון דעם זאַץ. עס האָט געזאָלט שטעהן: „אין עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישע קרייזען איז מען מלא־שמחה געוואָרען, וואָס אַזאַ גרויסער למדן איז ארויס מיט אַ כלומרשט וויסענשאַפטליכער טעאָריע".

ה. רויזענבלאַט

פריהלינגס רעגען

עס דונערט,
עס בליצט,
אַ רעגענדעל שפּריצט
און פאַלט אויף די קעפּ
פון טויזענדע גרעזעלעך גרינע אין סטעפּ.
בלימעלעך, בלימעלעך, בלימעלעך, בלימעלעך,
האַלב איינגעהילט נאָך אין קנאָספען, אין גרינינקע,
בלעטעלעך צאַרטינקע, קליינינקע, דינינקע
ציטערען שטיל, זיך בעוועגען
ריטמיש צום טאַקט פון דעם רעגען.
אוי, שוועסטערעל מיינע, אוי שוועסטער, נחמה!
עס ציטערט מיר עפּעס אַזוי מיין נשמה,
עס ציטערט אַזוי מיין נשמה . . .

עס שימערט
און שטראַהלט,
אַ טראָפּעלע פאַלט
פער'חלום'ט אַראָפּ
פון בוים אויף דיין שעהנעם, דיין גאָלדענעם קאָפּ. —
פערעלעך, פערעלעך, פערעלעך, פערעלעך
בלישטשענדע, לויטערע, פינקלענדע, ליכטיגע,
טרערעלעך, טרערעלעך כשר'ע, ציכטיגע,
וואַרעם געקושט פון די שטראַהלען,
איבער דיין בעקעלע פאַלען.
אוי, שוועסטער, ס'האָט עפּעס מיין ראיה פערצויגען,
אוי, פערעלעך שווימען מיר אום אין די אויגען,
אָה, פול זיינען מיר מיינע אויגען . . .

צביון

אידישקייט און סאציאליזם

איך בין קיין מאָל ניט שטאָלץ געוועזן דאַרויף, וואָס דער מענש שטאַמט אָב פון אַן אַבעזיאַנע (אַפּע). קיין יחוס איז עס געוויס ניט, צו זיין אַן אייניקעל פון א מין אוראַנג־אוטאַנג אָדער א גאָרילאַ, און קיין גרויסע מעשים טובים האָט מען פון זיי אויך ניט געקענט ירש'ענען. די מענשהייט וואָלט היינט געוויס געשטאַנען אויף א סך העכערער מדרגה פון קולטור און ענטוויקלונג, ווען זי וואָלט ניט געדאַרפט אָנפאַנגען איהר „מענשעסקייט“ פון א ווילדע וואַלד־בעשעפענים.

עס איז אויך ניטאָ וואָס צו שטאָלצירען דערמיט, וואָס אונזערע שפּעטערדיגע אור־עלטער זיידעס זיינען געוועזן באַרבאַרען און נאַרישע אבערגלויבער. עס וואָלט פאַר אונז פיעל גלייכער געוועזן, ווען זיי וואָלטען געוועזן ציווילי־זירטע מענשען, מיר וואָלטען דערפון זעהר פיעל געוואונען, מיר וואָלטען אין אונזער ציוויליזאַציאָן פיעל ווייטער געשטאַנען ווי היינט.

מיר קענען זיך אָבער ניט העלפען. די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען בעווייזען דאָך, אז אונזער אור־עלטער זיידע איז געוועזן א מין אָבעזיאַנע, און די געשיכטע בעווייזט, אַז אונזערע שפּעטערדיגע זיידעס זיינע געוועזן באַרבאַרען. דאָס בעסטע איז וואָס מיר קענען זאָגען, אז מיר זיינען ניט שולדיג אין אונזער ניט־שעהנעם יחוס, אַז מען האָט זיך ביי אונז ניט אָנגעפרעגט ווער אונזערע זיידעס זאָלען זיין.

זיינען אָבער פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס האָבען גרויס הנאה פון זייער אבעזיאַנישער אָבשטאַמונג און זיי האַלטען כסדר אין זוכען דעם פערלאָרענעם עק... און זיי פיהלען א בעזונדערען פערגניגען דערפון, ווען זיי קענען אויסגעפינען, אז אונזערע אמאָליגע זיידעס זיינען געוועזן נאָך גרעסערע באַרבאַרען ווי מען האָט וועגען זיי געקענט דענקען.

עס זיינען פאַרהאַן צוויי מעטאָדען: איינע זוכט דעם מענשען אין דער אבעזיאַנע און אין דעם באַרבאַר, און די צווייטע — זוכט די אבעזיאַנע אין דעם באַרבאַר און אין דעם מענשען.

עהנליכע צוויי מעטאָדען ווערען אויך אָנגעווענדעט צו דעם אידישען פאָלק און זיין געשיכטע: איינע זוכט און פאָרשט דאָרטען דעם מענשען און די נייע אידעאַלען, וואָס ער האָט אריינגעטראָגען אין דעם אוצר פון דער אַלגעמיינער מענשליכער קולטור, די צווייטע זוכט דאָרטען דעם באַרבאַר, דעם אבערגלויבער און דעם פינסטערלינג.

עס איז פאַר אונז א קליינער יחוס אָבצושטאַמען פון א באַרבארישען און פינסטערען פאָלק. שטאָלץ זיין דערויף איז געוויס ניטאָ וואָס, ווייל עטוואָס בירושה האָבען מיר דאָך פון אונזערע זיידעס בעקומען. אויב זיי אַלע זיינען געוועזן בלויז באַרבאַרען און פינסטערלינגע, האָבען מיר, זייערע אייניקלעך, א גרויסען טייל פון זייערע מדות גע'ירש'ענט. איך וואָלט פיעל מעהר שטאָלצירט אָבצושטאַמען פון א פאָלק, וואָס האָט אין זיך פערקערפּערט אַלע מעלות פון דער מענשהייט, און איך וואָלט קיין מורא ניט געהאַט פאַר אַן „אתה בחרתנו“.

די „אתה בחרתנו“ סטראַשידלע האָט אין אונזערע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע קרייזען געשאַפען א גאַנץ זאָנדערבאַרע בעציהונג צו דעם אידישען פאָלק און צו זיינע קולטורעלע גיטער. אויס מורא פאַר דעם „אתה בחרתנו“ איז רעכט צו מאַכען דאָס אידישע פאָלק ניעדריגער און ערגער פון יעדען פאָלק, און זיין יעדע מעלה אויס'פּשט'לען אלס חסרון.

איך צווייפעל, אויב דאָס גלויבען, אַז אידען זיינען אַן אויסערוועהלט פאָלק, האָט ווען עס איז געבראַכט שאָדען, אפילו אין דער צייט, ווען די אידען האָבען ווירקליך אזוי געגלויבט. אַנדערע נאַציאָנען האָט דער אידישער „אתה בחרתנו“ ניט געקענט שאַדען, ווייל די אידען האָבען ניט געהאַט די מאַכט דערצו. די אידען האָבען זיך געמעגט טויזענד מאָל איינריידען, אַז זיי זיינען אַן אויסערוועהלט פאָלק, אז זיי זיינען גאָט'ס קינדער, זיי האָבען אָבער אין דעם נאָמען פון זייער „אתה בחרתנו“ קיינעם ניט געקענט פערפאָלגען. די אונטערדריקטע און די פערפאָלגטע זיינען זיי אַלע מאָל געוועזן. און אויב קיין אַנדערע פעלקער האָט דער אידישער „אתה בחרתנו“ קיין שאָדען ניט געבראַכט, האָט ער די אידען גופא אָבער אמאָל געבראַכט נוצען. דאָס גלויבען אין דער אייגענער גרויסקייט און וויכטיגקייט האָט דעם אידישען פאָלק געגעבען מוט און ענערגיע ארי־

בערצוטראָגען אַלע יסורים און פּיין, אַלע ערנידרונגען און פערפאָלגונגען אין זיין לאַנגען פינסטערען גלות און בלייבען עקזיסטירען ביז היינט.

דער „אתה בחרתנו“ האָט די אידען ניט געשטערט לערנען דאָס גוטע פון די גויים, ווען זיי האָבען נור די מעגליכקייט געהאַט דערצו. די אידען אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבען געלערענט אַלע וויסענשאַפטען פון יענער צייט און זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכער קולטורעלער מדרגה, און אויב אויף די אידען האָט זיך שפּעטער ארויפגעצויגען א פינסטערע כמאַרע, איז אין דעם ניט געווען שולדיג דער אידישער „אתה בחרתנו“, נור דער שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער „אתה בחרתנו“.

איך האָב פאַר דעם אידישען „אתה בחרתנו“ זיך קיין מאָל ניט געשראָקען. פאַר אן אונטערדריקטען, פערפאָלגטען און פערשפּאָטעטען פאָלק איז דאָס געפיהל פון „אתה בחרתנו“ ביז א געוויסען גראַד ניצליך. און אויב עס זיינען נאָך פאַראַן אידען, וואָס פיהלען זייער מענשען־ווירדע, וואָס האַלטען זייער קאָפּ גראַד און קוקען די וועלט גלייך אין די אויגען, האָבען זיי עס, אפשר, טיילוויז צו פערדאַנקען א שטיקעל „אתה בחרתנו“, וואָס זיי האָבען פון זייערע זיידעס געירש׳ענט און וועלכען זיי האָבען ניט אין גאַנצען אויסגעוואָרצעלט פון זייערע הערצער.

איך שרעק זיך ניט פאַר דעם אידישען „אתה בחרתנו“, איך בעדויער פיעל מעהר וואָס ער איז פערלאָרען געגאַנגען און דער „מה יפית“ האָט זיין אָרט פערנומען. און דער היינטיגער „מה יפית“ איז א פיעל ערגערער און ערניעדעריגענדער ווי דער אמאָליגער.

ווען דער אמאָליגער איד האָט געזונגען „מה יפית“ דעם פּוילישען פּריץ, האָט ער עס געטהאָן צוליעב פּרנסה. ביי זיך אין הארצען האָט ער ניט געפיהלט, אז ער איז א נידעריגערע בעשעפענים פון דעם פּריץ, פאַר וועלכען ער בוקט זיך און בויגט זיך. אדרבא, ביי זיך אין האַרצען האָט ער דעם פּריץ מבטל געווען, ער האָט איהם געהאַלטען פאַר א נידעריגע בריאה, פאַר א שוטה, וועלכען מען קען אריינגאַרען אין זאַק און פאַר א פּוסט־און־פּאַסניק וואָס געהט נור ארום אויף גאָט׳ס ערד כדי א איד זאָל קענען האָבען פון איהם חיונה. דער אמאָליגער „מה יפית“ איז געווען א מאוס׳ער, אַן ערנידעריגענדער, אָבער ער איז געווען אַ געצוואונגענער, דער איד האָט זיך אַנדערש ניט געקענט העלפען. דער איצטיגער „מה יפית“ איז א פרייוויליגער, ער קומט פון א נידעריגע נשמה און פון א נידעריגען גייסט, ער קומט פון דעם געפיהל, וואָס האַלט דעם גוי פאַר א העכערער בעשעפענים.

ווען מען גיט מיר היינט א סטראשע מיט דעם „אתה בחרתנו“, ווי אַלטע פרומע גענאָסען זיינען זיך עס נאָך נוהג פון דער אַלטער געוואָהנהייט, פרעג איך: וואו איז ער אייגענטליך דער „אתה בחרתנו“? וואו געפינט ער זיך? און וואו איז דאָ איינער צווישען אונז וואָס בעזיצט איהם?

דאָס „אתה בחרתנו“ געפיהל איז פון אונז שוין לאַנג פערשוואונדען, און אויב איינער מאַכט זיך קוראַזש און שרייט אויס אויפ׳ן קול „אתה בחרתנו מכל העמים“, גלויבט איהם ניט, אז ער פיהלט עס אין האַרצען. אָט דערזעלביגער טעאָרעטישער „אתה בחרתנו“ שרייער האָט אין דער פּראַקטיקע מעהר בושה און מעהר רעספּעקט פאַר א ליאַדע גוי קטן ווי פאַר אַ וויכטיגען אידישען גדול.

און איך וואָלט וועלען, אז מען זאָל מיך ניט פאַלש פערשטעהן. איך וויל ניט זאָגען, אַז מיר דאַרפען זיך האַלטען בלויז מיט די אונזעריגע און ניט אַנערקענען קיין אַנדערען אויסער די אונזעריגע. ביי מיר איז איין דעבס טייערער ווי אַ גאַנצער טוץ פון אונזערע אידישע גדולים, אָבער דערפאַר וייל ער איז דעבס. איך פערלאַנג בלויז אַ גלייכע מאָס פאַר אידען און פאַר גויים. איך פערלאַנג גלייכהייט, אַמוועניגסטען גלייכע בעציהונגען ביי אונז סאָציאַליסטען.

סטראַשעט ניט מיט דעם „אתה בחרתנו“, האָט פאַר איהם קיין מורא ניט. אידען וועלען צוליעב זייער „אתה בחרתנו“ ניט ארויסשיקען זייער בעוואַפענטע אַרמעע אויף מלחמה געגען אַנדערע פעלקער און זיי אונטערדריקען און אונטעריאָכען; אידען וועלען ניט שיקען קיין קריעגס־פלאָט צו באָמבאַרדירען די פעסטונגען פון די וועלט־מלוכות פאַר די קריוודעס וואָס מיר האָבען צו זיי. איהר מעגט אויך זיכער זיין, אַז אידען וועלען ניט ארויפצווינגען מיט זייער אייזערנעם געפּאַנצערטען פויסט זייער קולטור און זייער רעליגיאָן אויף וועלכען עס איז אַנדערען פאָלק. העכסטענס קען דער אידישער „אתה בחרתנו“ ניט דערלאָזען, אז דער „מה יפית“־גייסט זאָל זיך ניט נאָך מעהר פערשפּרייטען ביי אונז.

ניט געגען דעם אידישען „אתה בחרתנו“־געפיהל דאַרף מען, אַלזאָ, קעמפּפען, עס עקזיסטירט איבערהויפּט ניט מעהר, עס איז שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען. געקעמפּפט דאַרף ווערען געגען דעם „מה יפית“־געפיהל, וואָס האַלט זיך אַלץ מעהר אין פערשפּרייטען ביי אונז.

* * *

און אויסער די „אתה בחרתנו“ סטראַשידלע איז ביי אונז פאַראַן א רעליגיאָנס סטראַשידלע. צוליעב דער „אתה בחרתנו“ סטראַשידלע דאַרף מען מורא האָבען אויסצורעדען אַ גוט וואָרט אויף

אידען, און צוליעב דער רעליגיאָנס סטראַשידלע טאָר מען קיין גוט וואָרט ניט ריידען אויף אידישקייט.

מיר האָבען גאָרנישט דאגעגען, ווען א גוי זאָגט אויף אונז אַ גוט וואָרט, אדרבא, עס טהוט אונז שטאַרק הנאה, וואָס מיר געפעלען איהם, אָבער מיר אליין טאָרען עס ניט. פּראָפעסאָר הילטי, איינער פון די געלערנטסטע יוריסטען אין אייראָפּאַ, האָט געמעגט שאַפען א טעאָריע, אז די גערעכטיגקייטס פּרינציפּען פון דער אידישער רעליגיאָן האָבען געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף דער פאָרמירונג פון די סאָציאַליסטישע אידעען, און אז עס איז קיין צופאַל ניט, וואָס די וויכטיגסטע בעגרינדער פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק זיינען געווען אידען. אלס גוי האָט פּראָפעסאָר הילטי קיין מורא ניט געדאַרפט האָבען, אז מען וועט איהם חושד זיין אין אידישען „אתה בחרתנו“ און ער האָט זיך געקענט ערלויבען זאָגאַר צו אידעאַליזירען די אידישע גערעכטעגקייטס פּרינציפּען.

עס דאַרף זיין קלאָר פאַר יעדען איינעם, וואָס האָט נור אביסעל מאַרך אין קאָפּ, אז ווען מען רעדט היינט צווישען סאָציאַליסטען וועגען אידישקייט, וועגען איהרע גוטע אָדער שלעכטע זייטען, האַנדעלט עס זיך ניט וועגען חזוק הדת אָדער וועגען פערשטאַרקען דעם איינפלוס פון די רבנים, דעם זאָגענאַנטען אידישען קלעריקאַליזם. ווען איינער בעטראַכט די אידישע רעליגיאָן פון א קולטור־היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, איז דאָך דאָס שוין גופא אן אפּקורסות, ווען ער זאָל אפילו די אידישע רעליגיאָן לויבען אין הימעל אריין. פאַר דעם פרומען אידען איז רעליגיאָן א גאָט זאַך און ניט קיין קולטור־ווערטה.

מיר פערשטעהען גאַנץ גוט די פּסיכאָלאָגיע פון מענשען, וועלכע האָבען זייער גאַנצען לעבען פערבראַכט אין קאַמפּף געגען דער אידישער רעליגיאָן, אַז וועלכעס עס איז גוט וואָרט אויף אידישקייט זאָל זיי אריינברענגען אין שרעק. אין זייער קאַמפּף געגען דער אידישער רעליגיאָן אָדער געגען דעם אידישען קלעריקאַליזם, ווי זיי רופען עס, האָבען זיי פערגעסען צו מאַכען אן אונטערשיעד צווישען דער אידישער רעליגיאָן און דער אידישער קולטור. און אפשר האָבען זיי פשוט טאַקע ניט געוואוסט, אז עס עקזיסטירט אַזאַ אונטערשיעד. רעליגיאָן האָט געמיינט ביי זיי אידישקייט, און אידישקייט איז געווען ביי זיי דאָסזעלבע וואָס רעליגיאָן, און ממילא האָבען זיי אַלעס פערדאַמט.

נור אויב אַזאַ האַלטונג איז ווי עס איז געווען בערעכטיגט אין דער צייט, ווען דער קאַמפּף געגען רעליגיאָן האָט בעהערשט די מוחות פון די מאַסען און האָט געהאַט די אויבערהערשאַפט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, איז דאָס אין קיין פאַל ניט ערלויבט היינט, ווען עס איז שוין כמעט ניטאָ געגען וואָס צו קעמפּפען. אין דעם לעבען פון אידישע אַרבייטער־מאַסען שפּיעלט היינט די רעליגיאָן געוויס ניט קיין דאָמינירענדע ראָלע, אַ גאַנץ גרויסער טייל האָט פון איהר איבערהויפּט א שוואַכע ידיעה, און די וואָס ווייסען יאָ עטוואָס „באַדערען“ זיך ווענעג מיט איהר. הלואי וואָלט דער סאָציאַליזם שוין געווען אַזוי פערשפּרייט צווישען די מאַסען, ווי דער פרייער געדאַנק בנוגע רעליגיאָן. עס איז היינט לחלוטין ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, אז א פריידענקער וועט ווערען צוריק רעליגיעז, ווען ער וועט אויסגעפינען, אז אין תלמוד, וועלכער איז פון אונזערע אַלט־פרענקישע אפּקורסים אימער פאָרגעשטעלט געוואָרען אַלס די קוועלע פון באַרבאַריי, פאַנאַטיזם און אבערגלויבען, געפינען זיך גאַנץ הומאַנע געזעצען און פּרינציפּען, און מיר זיינען זיכער, אַז קיין סאָציאַליסט וועט ניט אָנפאַנגען פאָהרען צו אַ חסיד׳ישען רבי׳ן ערגעץ וואו אין לאַדי אָדער ליבאַוויטש, ווען ער וועט זיך דערוויסען, אז דער אָנפאַנג פון חסידות האָט אין זיך פערבאָרגען א דעמאָקראַטישען פּרינציפּ און א דעמאָקראַטישע בעוועגונג.

מיר געפינען זיך היינט אין א גאַנץ זיכערער פּאָזיציאָן סיי בנוגע צו דעם „אתה בחרתנו“ און סיי צו רעליגיאָן. מיר בעזיצען אַ פאָלשטענדיגע „אימוניטעט“, שוין אפשר צופיעל ווי נויטיג, און מיר קענען זיך ערלויבען צו זאָגען א גוט וואָרט אויף אידישקייט, ווען זי האָט עס פערדיענט. מיר דאַרפען מעהר ניט וואַרטען, אז צוערשט זאָל קאַרל קאַוטסקי אונז קומען ריהמען די סאָציאַלע גערעכטיגקייט פון אידישען פאָלק, און האָבענדיג א הכשר פון אַזאַ כשר׳ען סאָציאַל־דעמאָקראַט, זאָלען מיר דאַן עס מעגען איבער׳חזר׳ען.

די סאָציאַלע גערעכטיגקייט אין דער אידישער געזעצגעבונג מעגען מיר אליין אויסגעפינען און מיר דאַרפען פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען צו זאָגען, אַז מיר האָבען אויסגעפונען. עס איז פאַר אונז, אידישע סאָציאַליסטען, געוויס קיין שאַנדע ניט אויסצוגעפינען, אז די תלמודישע געזעצגעבונג בנוגע צו אַרבייטער איז א גאַנץ סימפּאַטישע, אז די קרימינאַלע געזעצגעבונג אין תלמוד איז זעהר א הומאַנע און אז דער תלמוד איז געווען געגען שקלאַפעריי. דערמיט גיבען מיר נאָך ניט ארויס קיין אַטעסטאַט דעם תלמוד, אַז ער בעשטעהט פון לויטער חכמות, און אַז אַלעס, וואָס אין איהם געפינט זיך, איז גוט און וואויל.

עס איז דאָ ניט מיין אויפגאַבע זיך ארייננצולאָזען אין לומדות. די בעריהמטע פראַגען זיינען שוין אין „צוקונפט“ מעהר אָדער ווייניגער אייספּיהרליך בעהאַנדעלט געוואָרען פון דר. גינזבורג און יעדערער, וואָס איז בעקאַנט מיט תלמוד און מיט דער רבנ׳ישער ליטערא־

טור אין אַלגעמיין, וועט צוגעבען, אַז די קוועלען, וועלכע דר. גינזבורג האָט בענוצט אין זיינע אויספיהרונגען, זיינען אונבעשטרייטבאַר ריכטיגע. איך וועל דאָ נור בעמערקען וועגען דער מעטאָדע, וועלכע דאַרף אָנגעווענדעט ווערען ביי די פאָרשונגען, וואָס מען געהט מאַכען אין תלמוד, ניט קוקענדיג אויף דעם, אויב ער איז שלעכט אָדער גוט, אויב ער איז הומאַניש, אָדער באַרבאַריש.

עס איז ניטאָ עטוואָס אַזעלכעס, וואָס איינער זאָל ניט קענען אויס׳פּשט׳לען פון תלמוד. מען דאַרף דאָך ניט פערגעסען, אַז דער תלמוד איז ניט פערפאַסט פון איין מענשען און ניט אין איין יאָהר. דאָך איז פאַראַהאַן אַ געוויסע סיסטעם, לויט וועלכע מען קען אויסגעפינען די גרונד־געזעצע און די פעסטגעשטעלטע דינים פון תלמוד. נאָך דיזער סיסטעם איז צונויפגעשטעלט געוואָרען דער רמבם, די ארבעה טורים און די אַנדערע פוסקים, מיט וועלכע מען בענוצט זי פאַר הלכה למעשה, דאָס הייסט, ווען מען וויל וויסען אַ דין.

די מעטאָדע בעשטעהט אין דעם, וואָס מיר דאַרפען אויסגעפינען דעם גייסט און די גרונד־פּרינציפּען פון וועלכע די געזעצען האָבען זיך ענטוויקעלט און ניט נעהמען אין בעטראַכט יעדען איינצעלנעם געזעץ אָדער יעדע איינצעלנע אויסטייטשונג בעזונדער.

מיר וויסען, למשל, אַז איינער פון די גרונד־פּרינציפּען פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציאָן, איז די שטרענגע אָבהיטונג פון פּריוואַט־אייגענטום און די רעכטען פון דעם יחיד בנוגע צום כלל. און מיר וויסען דעריבער, אַז יעדעס געזעץ, וואָס בעשרענקט די אייגענטומס־רעכטען פון אַ יחיד, האָט אויף זיך אַ שאלה אויב עס איז קאָנסטיטוציאָנעל, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס עס זיינען שוין אויך אין אַמעריקא פאַראַן מעהרערע געזעצען, וועלכע בעשרענקען יאָ די אייגענטומסרעכטען פון דעם יחיד.

ווען מיר נעהמען, צום ביישפּיעל, די אידישע געזעצגעבונג, לויט דעם תלמוד, אין דעם פּרט פון פּריוואַט־אייגענטום, געפינען מיר אַ גרונד־פּרינציפּ, וועלכער זאָגט, הפקר בית דין הפקר, דאָס מיינט, אַז בית דין, קהל הייסט עס, קען עקספּראָפּריאירען דאָס פערמעגען פון אַ יחיד. לויט דעם תלמוד, הייסט עס, איז פּריוואַט־אייגענטום ניט קיין הייליגטום, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען כלל. און פון דיזען גרונד־פּרינציפּ וויקלען זיך אָב אַלע דינים וועגען די בעציהונגען פון יחיד צום כלל.

ווען איינער וויל וויסען די בעציהונגען פון תלמוד צו אַרבייטער געזעצען, דאַרף ער נעהמען דעם גרונד־פּרינציפּ פון וועלכען אַלע אַרבייטער־געזעצען וויקלען זיך אָב. דער גרונד־פּרינציפּ איז: „יד פועל על העליונה“ — דער אַרבייטער האָט די אויבערהאַנד. אין יעדען סכסוך וואָס עס קומט פאַר צווישען אַרבייטס־געבער און אַרבייטס־נעהמער שטעלט זיך דער אידישער דין אויף דער זייט פון דעם לעצטען. פון דיזען גרונד־פּרינציפּ שטאַמען אַרויס אַלע אַנדערע דינים צו גונסטען די פועלים. דער אַרבייטער, צום ביישפּיעל, מעג ברעכען אַן אָבמאַך אָדער קאָנטראַקט, וועהרענד דער אַרבייטס־געבער טאָר עס ניט; אַן אַרבייטער מעג אַוועקוואַרפען די אַרבייט אין מיטען טאָג און דער בעל הבית מוז איהם בעצאָהלען פאַר דער אָבגעאַרבייטער צייט און אין פאַל ער האָט איהם בעצאָהלט אין פאַראויס פאַר דער גאַנצער צייט, בלייבט דאָס געלד בלויז אַ חוב אויף דעם אַרבייטער, אָבער ער קען איהם ניט צווינגען, אַז ער זאָל ענדיגען זיין אַרבייטס־טערמין; ווען עס ענטשטעהט אַ סכסוך צווישען אַרבייטער און בעל הבית וועגען שכירות, דער בעל הבית זאָגט, אַז ער האָט בעצאָהלט, און דער אַרבייטער זאָגט, אַז ניט, איז דער אַרבייטער בעגלויבט מיט אַ שבועה, אַז איהם קומט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין דיני ממונות האַלט זיך דער תלמוד פאַר דעם גרונד־זאַץ פון „כל המוציא מחבירו עליו הראיה“, ד. ה. ווען איינער פאָדערט פון צווייטען געלד, דאַרף ער ברענגען עדות, אַז ניט קען ער גאָרנישט קריגען. אַן אויסנאַהמע פון דיזען גרונד־געזעץ, הייסט עס, האָט מען נור געמאַכט פאַר אַן אַרבייטער — ער דאַרף קיין עדות ניט ברענגען, עס איז בלויז גענוג, אַז ער זאָל שווערען, און די שבועה גופא דאַרף זיין אַ לייכטע (אין תלמוד זיינען פאַראַהאַן פערשיעדענע שבועות, שווערערע און לייכטערע).

עס איז אמת, אַז עס געפינען זיך אַנדערע דינים, וועלכע זיינען ניט פאָלשטענדיג גינסטיג פאַר די אַרבייטער, אָבער ניט זיי זיינען מאָס־געבענד פאַר דער אַרבייטער געזעצגעבונג פון תלמוד. דער מאָסגעבענדער גרונד־זאַץ איז „יד פועל על העליונה“.

וויל מען וויסען די בעציהונגען פון תלמוד צו שקלאַפעריי, דאַרף מען ווידער אין איהם זוכען דעם גרונד־פּרינציפּ, און דער גרונד־פּרינציפּ פון תלמוד איז: „עבדי הם ולא עבדים לעבדים“, ד. ה. אַ איד איז בלויז אַ קנעכט פון גאָט, אָבער ער דאַרף ניט זיין אַ קנעכט ביי אַן אַנדערען. דער תלמוד, אַלזאָ, איז אין פּרינציפּ געגען שקלאַפעריי און ער האָט דאַריבער געשאַפען אַזעלכע געזעצען, וועלכע מאַכען אידישע שקלאַפעריי פאַר אונמעגליך, ווייל ווען איינער זאָל בעהאַנדלען זיין אידישען שקלאַף נאָך די דינים פון תלמוד, לוינט זיך איהם בעסער אליין זיך צו פערקויפען פאַר אַ שקלאַף. צונויפנעהמענדיג אַלע דינים ווי אַ אידישער שקלאַף דאַרף בעהאַנדעלט ווערען, זאָגט טאַקע דער תלמוד: „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו“ — ווען איינער קויפט אַ

אידישען שקלאַף, איז ווי ער וואָלט קויפען א האר איבער זיך. און זייענדיג געגען שקלאַפעריי האָט דער תלמוד, דורך אַ קנייטש, טאַקע די אידישע שקלאַפעריי אין גאַנצען מבטל געווען. דער תלמוד האָט גע'פסקנ'ט, אז אידישע שקלאַפעריי קען נור עקזיסטירען ווי לאַנג עס עקזיסטירט דער דין פון יובל, און יובל איז אבגעשאַפט געוואָרען שוין פון דער צייט, ווען פול מלך אשור און תגלת פלאסר מלך אשור זיינען געקומען און האָבען אוועקגעפיהרט אין גלות דעם שבט ראובן און גד און דעם האַלבען שבט מנשה (ז. מסכת עבדים און רמבם הלכות עבדים).

עס דאַרף דערביי בעמערקט ווערען, אז די גינסטיגע געזעצגעבונג פון תלמוד בנוגע צו ארבייטער, שטאַמט מייסטענס פון דער תלמוד'ישער געגנערשאַפט צו שקלאַפעריי. די געזעצען פון תלמוד זיינען אָהן אן אויסנאַהמע גינסטיג פאַר די ארבייטער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען זייער פערזענליכער פרייהייט. זי איז אָבער ווענינער גינסטיג, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען ארבייטס־בעדינגונגען און וועגען געלד. ווען אָבער אין דער געלד־פראַגע אָדער אין די ארבייטס־בעדינגונגען איז פערוויקעלט אַ פראַגע פון פערזענליכער פרייהייט, זיינען די געזעצען שוין ווידער דורכאויס פאַר דעם ארבייטער.

און אז די אידעען האָבען געדאַרפט זיין געגנעריש געשטימט צו אידישער שקלאַפעריי איז אויך גאַנץ נאַטירליך. א פאָלק, וואָס האָט, לויט זיין טראַדיציע, אָנגעפאַנגען זיין היסטאָריע דורך בעפרייאונג פון שקלאַפעריי, א פאָלק, וואָס האָט כסדר געדאַרפט קעמפפען פאַר זיין פרייהייט, האָט געמוזט זוכען איינצופלאַנצען אין די הערצער פון זיינע מיטגליעדער די פיינדשאַפט און געגנערשאַפט צו שקלאַפעריי. לויט דעם תלמוד טאָר דעריבער אן ארבייטער זיך ניט פערדינגען מעהר ווי אויף 3 יאָהר, אויס מורא פאַר וועלכער עס איז פאָרם פון שקלאַפעריי.

ווער עס וויל וויסען די בעציהונג פון דעם תלמוד צו טויט־שטראָף, זאָל ער זיך ווענדען צו דעם גרונד־פרינציפ. ווען מען נעהמט אין בעטראַכט די איינצעלנע מומרא'ס און דינים אין תלמוד, וואו אויף יעדען שריט און טריט קען מען געפינען דעם בעקאַנטען אויסדרוק „חיב מיתה", קען מען ווירקליך בעקומען דעם איינדרוק, אז לויט דעם תלמוד איז פער'משפט'ען א מענשען צום טויט איינע פון די לייכטסטע זאכען. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז, לויט דעם תלמוד, כמעט ווי אונמעגליך צו פער'משפט'ען א מענשען צום טויט. די גאַנצע תלמוד'ישע געזעצגעבונג וועגען טויט־שטראָף איז אזוי אויפגעבויט, דאָס די טויט־שטראָף ווערט דורך איהר כמעט ווי אין גאַנצען אָבגעשאַפט. עס איז גענוג צו זאָגען, אז די שוועריגקייטען און בעשרענקונגען איינעם צו מער'משפט'ען צום טויט, לויט דעם תלמוד, איז אזוי גרויס, דאָס א בית דין, וועלכער האָט איינמאָל אין זיעבציג יאָהר פער'משפט א מענשען צום טויט, ווערט גערופען בית דין קטלאי, ד. ה. א בית דין וואָס הרג'עט מענשען.

דער גרונד איז, אז צו דער געזעצגעבונג פון תלמוד, דאַרף מען אָנווענדען דעם שטאַנדפונקט, וועלכער עס ווערט אָנגעווענדעט צו יעדער געזעצגעבונג — מען דאַרף זעהן אין וואָס פאַר א גייסט די געזעצגעבונג איז פערפאַסט געוואָרען, וואָס זיינען איהרע גרונדפרינציפען, אונטער וועלכע אומשטענדען מען האָט זי פערפאַסט און וואָס זיינען איהרע אורזאַכען.

עס איז געווים א לייכטערע מעטאָדע צו האַלטען אָנגעגרייט די פאַרטיגע מאַרקסיסטישע פאָרמולע וועגען קלאַסען־קאַמפף און צופאַסען צו איהר די פאַקטען און ערשיינונגען, וועלכע מיר בעגעגענען. אזוי טהוען אָבער פוילע אָדער אונפעהיגע שילער אין קלאַס וועגען זיי בעקומען א שוועריגען חשבון. מען קוקט נאָך דעם ענטפער אין שליסעל פון בוך און מען „טרייבט אונטער" דעם חשבון צום פאַרטיגען ענטפער.

ווען מען וויל ערנסט פאָרשען און שטודירען, דאַרף מען צוערשט פעסטשטעלען די ריכטיגקייט פון די פאַקטען און זיינע אורזאַכען, און ערשט דאַן נאָכזעהן אויב די פאָרמולע, וועלכע מיר האָבען, שטימט מיט די פאַקטען. און איז די פאָרמולע א ריכטיגע און אן אויספראָבירטע, וועלען מיר אימער אויסגעפינען, אז זי שטימט מיט די פאַקטען.

די פאָרמולע פון קלאַסען־קאַמפף איז א ריכטיגע און אויספראָבירטע, זי האַלט אימער אויס, ווען עס קומט צו פאַקטען. מען דאַרף בלויז די פאָרמולע ריכטיג פערשטעהן און מען דאַרף וויסען ווי זי צו געברויכען.

די צרה איז, וואָס מיר זיינען אָפט צו גרויסע מהדרים אפילו אין דעם מאַרקסיזם. מיר ווילען אָפט זיין מעהר מאַרקסיסטיש ווי מאַרקס אליין. דאָס איז אפשר אויך א אידישע טבע צו זיין א מהדר. סתם ציצית איז פאַר א פרומען אידען צו ווענינ, זיי מוזען זיין כפול שמונה; תפילין מוז ער האָבען מעור אחד; מצה דאַרף זיין דוקא שמורה; אן אתרוג ניט אנדערש ווי א מהודר. דער גרונד איז, אז אָהן א הדור געהט עס ניט. און אויך אָהן א שלחן ערוך קענען מיר ניט אויסקומען פונקט ווי אונזערע זיידעס. די שאלות וועגען א מילכיגע לעפעל אין א פליישיגען טעפעל האָבען מיר אריבערגעטראַגען אין סאָציאַליזם, פונקט ווי מיר האָבען אין איהם אריבערגעטראַגען „שאלות נשים". אברהם רייזינס יונגער בונדיסט אין רוסלאַנד פרעגט א שאלה אויב א סאָציאַליסט מעג זיך פערליעבען

אין א טאָכטער פון אַ קאַפּיטאַליסט. די פרומקייט איז צו אונז איבערגעגאַנגען בירושה פון אונזערע זיידעס און מיר קענען דעריבער אָהן הדורים און אָהן אַ שלחן ערוך ניט אויסקומען.

נאָר מיר מעגען זיין כשר'ע פריי־דענקער און פרומע סאָציאַליסטען, און דאָך קיין מורא ניט האָבען צו זאָגען, אז אונזערע עלטער־עלטער זיידעס האָבען געהאַט א געפיהל פאַר סאָציאַלע גערעכטיגקייט, זאָל זיין צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען געווען שוואַך און מייסטענס אונטערדריקטע און פערפאָלגטע, און עס איז געווען אין זייערע אינטערעסען צו פרעדיגען גערעכטיגקייט. אלס סאָציאַליסטען און פרייהייטס־קעמפפער וועט עס אונז געוויס ניט שאַדען, ווען מיר וועלען וויסען, אז אונזערע עלטער־עלטער זיידעס האָבען געהאַלטען הויך די פאָהן פון פרייהייט און האָבען פערדאַמט שקלאַפעריי, און אונזער סאָציאַליזם וועט להלוטין ניט געשטעלט ווערען אין געפאַהר, ווען מיר וועלען ערפאַהרען, אז דאָס אַלטע פאָלק ישראל האָט געהאַט א געפיהל פאַר סאָציאַלע גערעכטיגקייט און אז א טייל פון דיזען געפיהל איז, אפשר, צו אונז איבערגעגאַנגען בירושה.

לאָמיר נור ניט קיין מורא האָבען פאַר דער „אתה בחרתנו“ סטראַשידלע, מיט וועלכער מען זוכט אונז צו שרעקען. מיר דאַרפען זיך פיעל מעהר שרעקען פאַר דעם „מה יפית“, וואָס איז אזוי שטאַרק פערשפּרייט צווישען אונז. פאַר דעם צוועק וואָלט אונז טאַקע גאַנץ שטאַרק צוניץ קומען, ווען מיר וואָלטען א ביסעל מעהר וויסען די אידישע געשיכטע און זיין מעהר בעקאַנט מיט די אידישע קולטור־ווערטען. מיר וועלען דורך דעם שאָוויניסטיש געוויס ניט ווערען און זיך דערווייטערען און זיך אָבפרעמדען פון אונזערע גוי־אישע שכנים, מיט וועלכע מיר לעבען צוזאַמען, וועלען מיר אויך ניט, זאָלען זיי נור ניט דערווייטערען זיך און אָבפרעמדען זיך פון אונז.

סאול ראסקין

א שפּאַציער איבער'ן ברוקלינער מוזעאום

.2

ביים איינגאַנג אין צימער פון מאָדערנע אייראָפּעאישע בילדער ליגט אין איהר צוזאַמענגעבראָכענער פּאָזע ראָדענ'ס סטאַטוע „דאַנאַאידע“. ס'איז דאָ אַ שוידערליכע לעגענדע, וואָס דערצעהלט וועגען אַ קעניג דאַנאַי, וועלכער האָט געהאַט פופציג טעכטער. ער האָט זיי אַלע געגעבען פאַר כלה'ס צו די פופציג זיהן פון זיין ברודער. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאַנט, אז אַן אָראַקול האָט איהם פאָראויסגעזאָגט, אַז איינער פון זיינע איידימ'ס וועט זיין זיין מערדער . . . ס'איז אָבער געווען צו שפּעט. אָבשטעלען די הייראַטען פון די טעכטער האָט ער ניט געקענט. האָט דער פאַטער איינגערעדט זיינע טעכטער זיי זאָלען אין דער האָכצייטס נאַכט טויטען זייערע יונגע מענער. ער האָט זיי געגעבען שווערדען. און זיי האָבען דאָס טאַקע געטהאָן. ווען זיי האָבען דערזעהן זייערע מענער נעבען זיך פעסט אין שלאָף, האָבען זיי מיט די שווערדען זיי ערמאָרדעט. אַלע, אויסער איינע, וועלכע האָט איהר יונגען מאַן צו שטאַרק געליעבט און האָט ניט געקענט פועל'ן ביי זיך צו טויטען איהם. אָט דיעזער האָט טאַקע געטהאָן דאָס, וואָס דער אָראַקול האָט נביאות געזאָגט : ער האָט זיין שווער, דעם קעניג, ערמאָרדעט. די טעכטער אָבער פון דעם קעניג דאַנאַי, די דאַנאַאידען, זיינען פאַר זייער האַרטהערציגקייט פאַר'משפּט געוואָרען אין דער אונטערוועלט צו אייביגע לײדען. נעמליך : אָנצופילען מיט וואַסער פעסער אָהן אַ דעק. פאַלען זיי טויט־מיעד, געבראָכען, פערצווייפעלט פון אינערען און אויסערען ליידען און מוזען באַלד ווידער אויפשטעהען צו דער ענדלאָזער, צוועקלאָזער ארבייט, — גיסען וואַסער אין לעכערדיגע פעסער . . . אין אזא מאָמענט פון פערצווייפלונג האָט ראָדען זיין „דאַנאַאידע“ פאָרגעשטעלט. איהר פּנים איז פערבאָרגען. דאָס איז דעם סקולפּטאָרס ליעבלינג־געדאַנק, — אז ניט דער פּנים אליין איז

דער שפּיגעל פון דער נשמה, וואו מען זעהט אויסגעדריקט ליידען און פריידען, אַז דער גאַנצער קערפּער, יעדער גליעד, מוסקול קען אויסדריקען אַלע רעגונגען פון געמיטה. ווירקליך, קיין פּנים קען קיין גרעסערע פערצווייפלונג ניט אויסדריקען, ווי דער רוקען מיט די מוסקולען פון דיעזען צאַרטען, יונגען, אונגליקליכען בעשעפעניש.

טרעטען מיר אריין אין דער גאַלעריע און ווענדען זיך צו צו דער לינקער וואַנד, באַגעגנען מיר אַ געדיכטע רייהע בילדער פון פאַרשיעדענע פראַנצויזישע שוהלען, אמת, זעהר וועניג פון יעדער, אָבער ס'איז דאָך עטוואָס. אָט הענגען 3 בילדער פון דער אַקאַדעמישער שוה־

„דאַנאַאידע“ פון ראדען

לע. איין בילד, וואָס הענגט ביים אריינגאַנג*), הייסט „ספּרינגטיים“ (פריהלינג) פון פּ. א. קאָט. אויף אַ הוידע זיצט אַ אינגעל מיט אַ מיידעל, אָנגעטהאָן אין „אידעאַלע“ קליידער, ביידע יונג, שעהן, צאַרט, פאַרליעבט. די נאַטור ארום פול פריהלינג'ס דופט. זי האַלט איהם ארומגענומען ביים האַלז, ער קוקט איהר אין די אויגען . . . קורץ, ס'איז אַן אידיליע פון ריינעם שניט. געצייכענט גוט, געמאַלען זויבער, גלאַט געפינזעלט, סאַנטימענטאַל אין געפיהל. עס קען געפעלען דעם פּאָפּולערען געשמאַק. אָבער הויכע קונסט איז דאָס ניט. ס'איז קיין רויטער טראָפּען בלוט ניטאָ אין דעם בילד, קיין לופט אין דעם רוים, קיין זאַפט און קיין קראַפט. נאָך מעהר איז דיעזע שעהנינקע, ליבליך־זיסע קונסט צו זעהען אויף די אַנדערע צוויי בילדער פון דעם זעהר בעקאַנטען מאַלער בוגראַ. איין בילד הייסט „די פערלאָרענע פּלעאַדע“. אין דעם בלויען וועלטרוים טראָגען זיך ארום נאַקעטע פרויען־געשטאַלטען. דאָס זיינען שטערען. איינע פון דיעזע געשטאַלטען פליהט מיט פאַרבראָכענע הענד אין פאָרדערגרונד, אַ גרופּפּע אַנדערע זעהט זיך פון דער ווייטען. דאָס צווייטע בילד שטעלט פאָר אַ יונג מיידעלע, וואָס זיצט און עסט פון אַ שיסעל . . . ביידע בילדער, ווי אַלעס וואָס בוגראָ מאָלט, איז פאָלקאָמען אין צייכענונג, זויבער און ליעבליך אין טעכניק, — סאַנטימענטאַל אין געפיהל, — אָבער עס ריהרט ניט, דיעזע קונסט, עס דערעסט גאָר באַלד.

כדי איהר זאָלט קלאָהר פאַרשטעהן ווי עס קען אנדערש די וועלט געזעהן און קינסטלעריש פאָרגעשטעלט ווערען, גיט אַ קוק אויף אַ בילד פון אַן אַנדער פראַנצויז, דעם אימפּרעסיאָניסט קלאָד מאָנע. ס'איז אַ לאַנדשאַפט אין מאָרגענליכט. אַ וואַסער פון פאָרענט, אויף דער אַנדער זייט וואַסער אַ לאַנדשאַפט און איבער אַלעס — אַ הימעל . . . דאָס ס'איז קיין הימעל, וואַסער און לאַנדשאַפט, נאָר ריינעס ליכט און ריינע פאַרב, וואָס האָט זיך צושפּיעלט דאָ מיט אַ גרינעם ווירבעל, דאָ מיט אַ בלויען, דאָרט מיט אַ ראָזעווען און פיאַלעטען . . .

*) דער דירעקטאָר פון מוזעאום קלויבט זיך שפּעטער איבערהענגען די בילדער.

עס לעבט די וועלט א ליכטיגען און פארביגען לעבען, ווייל פון קיינע געזעצען ניט וויסען. צווישען דיעזע פיינדליכע שולען, די אקאדעמיקער און די אימפרעסיאניסטען, העגגען בילדער פון קערן־געזונדע רעאליסטען, וואס ניט זיי ווילען ארויפצווינגען אויף די וועלט געוויסע, פון אלטע צייטען אנגענומענע פארמען און רעגעלען, און ניט זיי זיינען געניינט, ווי די אימפרעסיאניסטען, נאכצוגעבען יעדען קלענסטען קאפריז פון דער נאטור. . . דאס זיינען קינסטלער, וואס שאפען מיט קלאהרען קינסטלער־זין. אזא קינסטלערין איז די פראנצויזישע מאלערין ברעטאן. זעהט איהר א בילד. עס זיצט א בויערטע, א יונגע מוטער, און האלט א נאקעט־געזונד קינד און שפיעלט זיך מיט דעם עופ׳עלע. . . זיי זיצען אויף א גרינעם הויף. דער פאדערגרונד פון בילד איז טונקעל, דער הינטערגרונד איז העל. זעהר אינטערעסאנט פארטיילט די ליכט און שאטען . . . די נאטור, די מוטער און דאס קינד זיינען אזוי קרעפטיג געמאלען, מיט אזוי פיעל ליעבע צו דאס איינפאכע און פריש־געזונדע, ס׳איז אזא הייסער צורוף: „צוריק צו דער נאטור!“ — ווי נאר א אידעאליסטיש־געשטימטער שטאדטמענש איז דארויף פעהיג.

ברעטאן געהערט צו דער שוהלע, וואס איז בעקאנט אונטער דעם נאמען די ב א ר ב י ז א נ ע ר. דיזען נאמען האט די שוהלע גע־

קראגען נאך דער פראווינץ פון פראנקרייך, בארביזאן, וואוהין א גרופע מאהלער פון פאריז פלעגען אוועקגעהן מאלען די נאטור, די באריהמטע פאנטענעבלא־וועלדער, ווי אויך די פויערים פון דיעזער געגענד. דער בעריהמטער זשאן פראנסאא מיללע, דער קאפ פון דיזער שולע, איז דארט פערבליבען אויף זיין גאנצען לעבען, געוואהנט אין א פויערשען הייזעל מיט זיין פרוי און קינד, געליטען נויט און צרות, געדיענט מיט זיין קונסט דעם פויער, פארהערליכט און בעזונגען זיין מיהזאמען לעבען . . .

אויסער ברעטאן זיינען דא בילדער פון נאך עטליכע „בארביזאנער“. אט איז א לאנדשאפט פון דאביני, „אן עפעל גארטען“. עס דונקעלט שוין צווישען די בוימער, וואס זיינען מיט רייפע פרוכט געדיכט בעהאנגען. באלד וועט גאר פינסטער ווערען. דאך דער הימעל איז נאך העל. שטיקעלעך לייכטעס בלוי זעהען זיך דורך צוריסענע, פארמלאזע וואלקען. א גוט בילד! אבער מיט דיזען בילד געשעהט אן אומגליק, וועלכער האט שוין געטראפען און פערניכטעט פיעלע גרויסע ווערק, נעמליך: די פארבען ווערען דונקעלער דורך די כעמישע פראצעסען, וואס קומען פאר אין זיי. ווי א קראנקהייט, וואס עסט אויף א לעבעדיגען קערפער, אזוי טאטשעט א שווארצע פעסט דאס בילד פון אינוועניג און פערציהט עס מיט פינסטערניס . . .

עס העגגט א קליין בילדעל, א קאפ פון א



„אַ קאָפּ פון אַ ווילדען חזיר“ פון קורבע (פראַנצויזישע שוהלע)

ווילדען חזיר. אונטען הייסט עס, אז דער קינסטלער איז אונבעקאנט. צוויי יאָהר האָט דער מוזעאום געפּאָרשט, קאָרעספּאָנדיערט מיט איירָאָפּא, געשיקט מענשען אהין, געזוכט אין די ארכיווען ביז זיי האָבען צו זייער גרויסער פרייד אויסגעפונען, אַז ס'איז פון דעם בעריהמטען „קורבע", א „באַרביזאָנער". דער מוזעאום איז זעהר שטאָלין אויף די ענטדעקונג.

ווייטער זעהען מיר א קליין פול־פּאַרביג בילדעל פון דעם ליעבהאָבער און קענער פון און פעררינכט זיין קאָפּע, א צווייטער אַרבייטער ליגט און רוהט זיך אָב, א יונגע פרוי ברענגט זיי פון דאָרף אָנבייסען. די נשמה פון דיזען בילד איז אונגעוועהנליך רייך, און נאָך רייכער איז די קינסטלערישע זייט. ס'איז געמאָלט ניט אין אויל־פאַרבען, ווי די מייסטע בילדער, נור אין פאַרביגע פענסעלס, וואָס הייסען „פּאַסטעל". דער אַלגעמיינער קאלאריט איז אזאַ איידעלשעהנער, אזאַ אייגענטימליך־אנגענעהמער און דערצו אַזאַ איינפאַכער, אז בוגרא'ס בילד —

„דער אנבייסען פון שניטער" פון לערמיט (פראַנצויזישע שולע)

אפריקאַניש־אַראַבישען לעבען, דעקאמפּ. מיר געהען ווייטער פערביי דעם גלענצענדען „שטורם" פון נאָך א „באַרביזאָנער", דיאַז; דערנאָך — איינענטימליכע לייזעדען פון אַיזאַבעי, אָבער ביי דאָס בילד פון לערמיט, איינעם פון יענע „גאָט געבענשטע", וואָס שאַפען לעבען און ניט גלאַט געפינזעלטע האַנד־אַרבייט, ווי דאָס מאַכט דער „בעריהמטער" בוגראָ, בלייבען מיר לענגער שטעהן. דאָס בילד פון לערמיט — „דער אָנבייסען פון א שניטער" — שטעלט מיט זיך פאָר א פעלד. א קאָסאַר זיצט „די פערלאָרענע פלעאַרע", וואָס העננט דאָ נאָהענט, ווערט ווירקליך אין גאַנצען פערלוירען.

איצט געפינען מיר זיך פאַר צוויי בילדער פון דעם בעריהמטען רוסישען קינסטלער ווערעשצאַגין. דיזער קינסטלער איז איינער פון די מערקווירדיגסטע מענשען אין דער קונסטגעשיכטע. רעדט מען בלויז פון זיין טעכניק — האָט מען פיעלעם וואָס אויסצוזעצען. ער איז אָפט קינדיש־אונבעהאָלפען, פּרימיטיוו און פעהלערהאפט. געהט מען אָבער אריבער צו דער

אידעען־זייט פון זיין קונסט—באַקענט מען זיך מיט דער גרויסער אויפגאַבע, וועלכער ער דיענט דורך זיין קונסט, בויגט מען דעם קאָפּ פאַר וואַסילי ווערעשצאַגין. אונערמידליך, מיט פלאַמענדען גלויבען האָט ער זיין גאַנצען לעבען געקעמפּפט געגען מלחמה, שילדערענדיג מיט פאַרב און פּינזעל די שרעקליכע יסורים, אונגליקען און פערוויסטונגען, וואָס מלחמה ברענגט מיט זיך. מען איז דעם קינסטלער פיעלע זיינע חסרונות גערן מוחל... אָבער ער נויטיגט זיך ניט אין דעם, ער האָט אין פיעלע ווערק, דורך זיין איינערען ברען און גלויבען, דערגרייכט די הויך פון גרויסע קינסטלערישע שאַפונג. אַזאַ קונסטווערק איז אָהן צווייפעל דאָס ערשטע פון די צוויי בילדער, וואָס מיר האָבען דאָ פאַר זיך.

צע ראָבען, זייערע קברות־לייט, דרעהען זיך ארום זיי...

דאָס בילד איז גרויס אין געדאַנק און הויך אין קינסטלערישער אויספיהרונג...

קינסטלעריש פיעל שוואַכער איז דאָס צווייטע בילד. ס'איז דערזעלבער וועג אין די בערג. די געפאַנגענע טערקישע סאָלדאַטען ווערען פערכאַפּט פון א שנעע־שטורם. מיט איינגעבויגענע קעפּ, נאָהענט צוגעטוליעט איינער צום אַנדערען, ניט פעהיג זיך פון אָרט צו ריהרען, וואַרטען זיי ווען דער שטורם וועט אריבער, ניט זייענדיג זיכער, אז זיי וועלען דאָס אמאָל דערלעבען... דער שנעע־שטורם איז געמאָלען אביסעל נאַאיוו. ס'איז כמעט ווי מיט ווערטער געזאָגט: „זייט וויסען, אז דאָס איז א



אַ לאַנדשאַפט פון דע באָק (האָלענדישע שוהלע)

דיזעס בילד, אן עפּיזאָד פון רוסיש־טערקישען קריעג, שטעלט מיט זיך פאָר א שנעעבאדעקטע געגענד אין די בערג. א ברייטער שנעע'דיגער וועג, מיט טעלעגראַפען סלופּעס ביי די זייטען. ס'איז מוראדיג קאַלט. דאָס פיהלט זיך נאָך די בלוי אייז־קאַלטע שאָטענס אויף דעם שנעע און נאָך דעם בלוי־קלאָרען ווינטערדיגען הימעל. איבער דיזען וועג זיינען נור וואָס פערבייגעגאַנגען א מחנה געפאַנגענע טערקען, די העלדען פון פּלעוונע, און די יעניגע פון זיי, וואָס האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען די קעלט, זיינען געפאַלען און געבליבען טויט־פערפרוירענע... ס'איז מורא'דיג שטיל ארום, נור שוואַרשרעקליכער שנעע־שטורם, איהר זאָלט חלילה ניט מיינען, אז ס'איז עפּעס אַנדערש". דאָך דעם איינדרוק פון א גרויסען אונגליק גיט דאָס בילד. עס רעדט מעכטיג צום געוויסען און שרייט: „מאַכט שוין א סוף צום פעלקערמאָרד!!"

ווערעשצאַגין האָט ארויסגערופען דעם צאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען מיט זיינע בילדער פון רוסיש־טערקישען קריעג. ער וואָלט געוויס אויך ארויסגערופען דעם צאָרן פון ניקאָלאַי דעם צווייטען מיט בילדער פון רוסיש־יאַפּאַנעזישען קריעג, ווען דער טויט וואָלט ניט איבערגעריסען די גרויסע ארבייט פון דיזען מערקווירדיגען קינסטלער. ער איז דערטרונקען געוואָרען אויף

א רוסישען קריעגס־שיף, וואָס די יאַפּאַנעזער האָבען אויפגעריסען...

ער האָט דאָ נאָך איין בילד, א קאָלאָסאַלע געמעלדע „קריסטוס׳־קרייציגונג“. דאָס בילד הענגט אין דעם רונדען זאַל, וואו „משה“ מיקעל־אנזשעלאָ׳ס געפינט זיך. דאָס בילד איז זעהר דעקאָראַטיוו, אָבער פּסיכאָלאָגיש ניט טיעף.

האָבען מיר, אלזאָ, געזעהן עטוואָס פון פראַנצויזישער און רוסישער קונסט, געהען מיר אַריבער צו די קליינע גרופּעס האָלענדישע בילדער. יאָזעף איזראעלס׳ ווערק איז דאָ, נאַטירליך, דאָס וויכטיגסטע. ס׳איז א שטיל בילדעל אין גרויען ליכט איינגעוויקעלט. א דאָרף־וועג. עס געהען צוויי שטילע פיגורען אהיים — א מוטער און איהר אינגעל... א שטיל, האַרציג בילד פון א שטילען און אומעטיגען לעבען... א ליריש האַרץ ענטפּלעקט אין דיזען בילד איהר ליעבע און מיטלייד צום אָרימען מענשען.

„אַ גאַס אין מילאַן“ פון בעלאַני (איטאַליענישע שולע)

צוויי לאַנדשאַפטען איז ווערטה צו בעטראַכטען פון זעהר גוטען זאַפטיגען טאָן, איינפאַכע און קרעפטיגע, פון דע־באָק...

פון די האָלענדער קומען מיר צו די מאָדערנע איטאַליענער. אכט בילדער האָבען זיי דאָ — אלע מערקווירדיג גוטע בילדער. דעם צענטער פון דיזער גרופּע פערנעהמט די ארבייט פון באָלדיני, א פּאָרטרעט פון דעם גרויסען מאָלער וויסטלער. ס׳איז א געניאַלער פּאָרטרעט פון א געניאַלע פּערזאָן. געמאָלט אין דעם סטיל, אין וועלכען וויסטלער אליין מאָלט. די פּאָזע, די מאָגערע הענד, דער פּנים

מיט דער מעפיסטאָ־ברעס—דאָס אַלעס לעבט און בלייבט אויף אימער אין זכרון.

דריי בילדער הענגען דאָ פון אַ איטאַליענישע קינסטלערין, עממאַ טשיאַרדי, נאָך גאָר אַ יונגע, אָבער וועגען וועלכע מען רעדט שוין פיעל. זיי זיינען זעהר דעקאָראַטיוו און זוניג...

מעכטיג זיינען די „אקסען" פון טיטאָ אין די לעצטע שטראַהלען פון דער זון און נאָך בעסער דאָס בילד פון בעלאַני „אַ גאַס אין מילאַן", איטאַליען. די גאַס איז נאָך נאַס פון רעגען, דער הימעל נאָך שווער פון גרוי־בלויע וואָלקענס, אָבער עס שמייכלען שוין געלע שטראַהלען פון דער זינקענדער זון... ס'איז אַן אויסגעצייכענט בילד. דערזעלבער קינסטלער האָט אין דעם רונדען זאַל, וואו מיקעל אַנזשעלאָ געפינט זיך, אַ קאָלאָסאַלעס בילד. ס'הייסט Meditation



"Meditation" פון בעלאַני (איטאַליענישע שוהלע)

אַ פרוי שטעהט ביים ברייטען, אָפענעם ים, קוקט פערזונקען אין מחשבות. די פיגור איז גוט געצייכענט און דאָס בילד איז אין אַלגעמיין גוט געמאַלען, אָבער ס'איז אַ פעהלער דאָ פאַראַן אין בילד און ס'איז ניט פאַרשטענדליך ווי אַזוי אַזאַ גוטער קינסטלער האָט איהם געקענט באַגעהן. ער האָט געוואָלט ווייזען די גרויסקייט און ברייטקייט פון ים, האָט ער גרויסקייט און ברייטקייט געמיינט צו דערגרייכען מיט דעם, וואָס ער וועט נעהמען אַ גרויסען שטיק לייוואַנד און וועט אַ לאַנגען, לאַנגען פאַס ים אויפמאַלען. ער האָט אָבער געמאַכט אַ גרייז. ניט מיט דער לענג פון אַ בילד דערגרייכט מען דעם איינדרוק פון גרויסקייט. ווען מען פאַרשטעלט מיט די הענד פון ביידע זייטען שטיקער ים בלייבט דער איינדרוק פון ברייטקייט דערזעלבער... עס קומט דער אונאנגענעהמער געפיהל, אַז מיט ווייניגער אַרבייט און מיה וואָלט געקענט דערגרייכט ווערען דערזעלבער עפעקט.

נאָך די איטאַליענער קומען די דייטשען מיט אַ גוטען בילד פון אַדאָלף שרייער „ענטרונען". אַ הייס־בלוטיגער אַראַבער אויף אַ הייס־בלוטיגען שוואַרצען פערד איז גליקליך אַנטלאָפען פון שונא'ס הענד. טריאומפיערט ער. די בעוועגונגען זיינען, גלייך ווי דער טיעפער טאָן פון בילד, אויסגעצייכענט...

„די שאַף" פון אַ מינכענער מאַלער זיינען אויך אַ גוטער מוסטער פון פיינע חיות־מאַלערי...

נאָך די דייטשען קומען אַ פּאָר בילדער פון ענגלענדער, אַ יונג שפּאַניש בילד פון דעם אימפּרעסיאָניסט סאָראָיאַ באַסטידאַ... אַ בילד פון אַ פּוילישען מאַלער קאַוואַלסקי, אַ נאָרוועגיש בילדעל, קורץ פון אַלעס צו ביסלעך און אימער גוט!... יעדע זאַכעלע איז אַ קוואַל פון פרייד און גענוס!

אין גלעזערנע שאַפעס און אַזוי ביי די ווענד שטעהען בראָנזענע סטאַטועטקעס, צווישען וועלכע צוויי פון דעם גרויסען בעלגישען סקולפּטאָר קאַנסטאַנטין מעניע זיינען די מערקווירדיגסטע.

געהן מיר אריבער צו די אַלטע בילדער אין די נעכסטע צוויי צימערען.

אין דעם ערשטען קליינעם צימערעל גע־פינען זיך די גאָר פּרימיטיווע, גאָר פון דעם

„ענטרינען“ פון אַדאָלף שרייער (דייטשע שוהלע)

ערשטען אָנפאַנג פון מאַלעריי. אין דעם אנדע־רען צימער זיינען גאנצע פיער וואנד באַדעקט מיט אַלטע, טונקעלע בילדער פון פאַרשיעדענע שוהלען און לענדער. אַלט איטאַליענישע, שפּאַ־נישע, האָלענדישע, דייטשע און פראַנצויזישע, מייסטערס פון רעליגיעזען אינהאַלט. די טונק־לע פאַרב פון פיעלע איז געוויס ניט אזוי די אַר־בייט פון די קינסטלער ווי די ווירקונג פון דער צייט. אויף מאַנכע בילדער זיינען נישט מעהר איבעריג געבליעבען ווי עטליכע ליכטיגע שטע־לען, אַלעס אַנדערע איז פאַרוויקעלט אין פינ־סטערניש. פיעלע אַלטע בילדער זיינען שטאַרק רעסטעווירט, די פאַרבען אָבגעפרישט, מיט לאַק באַדעקט, אונטער א גלאָז געשטעלט און איצט האָבען זיי גאָר א פרישען אויסזעהען אקוראט ווי נאָר וואָס ארויס פון אונטער דעם קינסטלער'ס האַנד.

די קונסט פון רעסטאַווירען בילדער, דאָס הייסט, פון אויסבעסערען זיי, אָבפרישען די פאַרבען, אונטערקלעפּען נייעם לייוועגד איז יעצט זעהר פאַרשפּרייט און פאַרפאָלקאָמט גע־וואָרען, ווייל דער האַנדעל מיט אַלטע בילדער איז שטאַרק אריין אין דער מאָדע. ווען מען

„שאָף“ (דייטשע שוהלע)

ווייסט אָבער אויף וויפיעל א רעסטאַווירטעס בילד פון א גרויסען „אַלטען“ קען אַמאָל ווייט זיין פון דעם אמת'ן בילד, ווי דער אַלטער קינסט־לער האָט עס טאַקע געמאָלען, — ווערט טרויע־ריג אויף'ן הארצען . . . ס'איז שוין אָבער גליי־כער צו האָבען א רעסטאַווירערטעס בילד פון לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי, טיציאַן, מורילִיא, ראַ־פאַעל . . . ווי א ניט רעסטאַווירטעס בילד מיט א באַרג שטויב, אָבגעריבענעם נאָז, אָהן אויגען און לייב און לעבען . . .

צווישען די אַלט־יונגע בילדער אין דיעזען צימער זיינען דאָ א גוטעס בילד פון ריבעראַ, זורבעראַן . . . א. אנד . . .

דער מוזעאום איז נאָך יונג. דאָך איז ער שוין אימשטאַנד צו געבען גענוס און בע־לעהרונג.

The photographs for this article are given by the courtesy of Mr. Roof, Director of the Brooklyn Institute of Art.

ש. ראָזענפעלד

אָהן א באָדען

בריעף איבער דער אידישער ליטעראַטור.

.1

בין די בייזע כוואַליעס, וואָס האָבען די לעצטע יאָהרען פערפלייצט דאָס אידישע לעבען אין רוסלאַנד, האָבען זיך שווערע, געדיכטע וואָלקענס הויך איבער אונזערע קעפּ אויפגעהויבען. אונזער געזונדער מענשען־פערשטאַנד, דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין, איז געוואָרען אין נעבעל פערהילט, און אין דער וואָלקען־פינסטערניש, האָבען זיך גייסטער אָנגעהויבען ווידמען — גייסטער פון שדים מיט מלאכים צוזאַמען.

אין גיכען האָבען זיך אָט דיביידערליי בעשעפעניסען מיט אונז, מענשען, אויסגעמישט, און האָבען אונזער געזעלשאַפט אויף צוויי לאַגערען צוטיילט. איין לאַגער האָט זיך איבערגעגעבען דער שליטה פון די שדים, דער צווייטער — דער שליטה פון די מלאכים. דער ערשטער האָט זיך געלאָזט אראָבציהען אין תהום, דער צווייטער — ארויפציהען אין דער לופטען, נעהענטער צום הימעל.

פשוט אויסגעדריקט:

איין טייל, דער גרעסערער, האָט זיך אראָבגעלאָזט אין תהום פון זנות, פּאָרנאָגראַפיע, שערלאָק־חאָלמס, נאַט־פינקערטאָן און ווי די אַלע שדים הייסען. מען האָט געלעבט — און מען לעבט נאָך ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג — אין א וועלט פול גראָבער תאוה, גערייצטע אינסטינקטען, איבערגעשטרענגטער פאַנטאַזיע און געאַטעמט מיט פערדאָרבענער לופט.

דער צווייטער טייל, דער קלענערער אָבער וויכטיגערער — ווייל אהער האָט געהערט, און געהערט נאָך אויך איצט, א טייל פון דער אינטעליגענטער יוגענד — האָט אָנגעהויבען צו לעכצען נאָך די הימלען. דער טייל, אָן אָבגענאַרטער און פער'יאוש'טער אין דער ווירקליכקייט, האָט אָנגעהויבען צו זוכען בעפרידיגונג אין מיסטישע פאָרשטעלונגען און מיסטישע בילדער. שוין דאָס בענקען, דאָס לעכצען אליין איז געוואָרען א מין קולט. דאָס דונקעלע איז געוואָרען א קוואל פון ליכט.

דאָס אונבגרייפליכע — דער קלאָרסטער בעגריף אויף דער וועלט. דאָס נעבעלהאַפטע — א הימעל פול מיט געטער. און הייליג איז דאָס מיסטישע געוואָרען און געטליך דאָס אונפערנינפטיגע.

וואָסער א חורבן, וואָסער א שרעקליכע אידעען־לאָזיגקייט די שדים האָבען אריינגעבראַכט אין אונזער געזעלשאַפט — וועגען דעם האָב איך פריהער אמאָל, אין אן אַנדער אָרט גערעדט. וואָס פאַר א חורבן, וואָס פאַר א באָדענלאָזיגקייט די מלאכים האָבען אריינגעבראַכט אין אונזער וועלט — דערפון זאָל איצט, ד. אָ., זיין די רייד.

ווער עס האָט זין פאַר דער רעאַלער ווירקליכקייט, ווער עס פערמאָגט די פעסטע איבערצייגונג, אז א ווירקליכקייט איז פאַרהאַן נור איינע — אָט די, וואָס איז פאַר אונז, מענשען, בעגרייפליך, דער וועט מוזען איינזעהן, אז די שדים'שע אידעען־לאָזיגקייט ווי די מלאכים'שע באָדען־לאָזיגקייט זיינען פאַר'ן געזעלשאַפטליכען לעבען און ווירקען בײדע גלייך געפעהרליך. קיין וואונדער ניט. וואָרום ווי פערשיעדען די שדים זיינען פון די מלאכים, האָט זיי דאָך פּאָרט איין מוטער געבוירען, האָט זיי דאָך פאָרט איין פינסטערע נאַכט צו דער וועלט געבראַכט.

עס איז ניט וויכטיג, וואָס די איינע האַלטען זייערע אויגען אראָבגעלאָזט צום תהום, בעת די צווייטע האַלטען זייערע אויגען אויפגעהויבען צום הימעל. וויכטיג איז, וואָס ביידע האָבען פערלאָרען דעם חוש פאַר דער ערד מיט איהרע פשוט'ע, אָבער געזונדע נויטבעדערפנישען; וואָס ביידע האָבען דעמאָראַליזירט אונזער געזעלשאַפט; וואָס ביידע האָבען די געזעלשאַפט צושטויבט אויף פּרטים, יחידים, וואו יעדער לעבט נור מיט זיין שד, אָדער מיט זיין מלאך, מיט זיין תאוה אָדער מיט זיין אָבגאָט; וואָס ביידע האָבען אוממעגליך געמאַכט א געזעלשאַפטליך צוזאַמענלעבען און צוזאַמענווירקען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז כדי צו בעווייזען אָט די בעהויפטונגען, וואָס איך האָב דאָ געמאַכט, מוז איך זיך ווענדען צו

אונזער ליטעראַטור און פּרעסע, וואו אָט די מיסטישע שטימונגען אָדער ריכטונג זיינען אויסגעדריקט.

וואָרום עס איז דאָך, למשל, ניט קיין צופאַל, וואָס גראד אין א ו נ ז ע ר צייט, האָט זיך בעוויזען אַזאַ אומגעלומפּערטער, פערוואָלקענטער און שטאָק־פינסטערער שריפטשטעלער ווי נ ס ת ר.

עס איז א טעות צו מיינען — ווי געוויסע קריטיקער מיינען עס — אז נסתר'ן איז ניט קלאָר, וואָס ער איז אויסען, דערפאַר געפינט ער ניט די נויטיגע ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל זיך קאָנען קלאָר אויסדריקען. וואָס ע ר א י ז א ו י ס ע ן, וואָס א י ה ם שוועבט פאָר, דאָס איז איהם אזוי קלאָר, ווי ווייט מטושטש'ע געדאַנקען, מיסטישע בעגריפען און פאָרשטעלונגען קאָנען ב כ ל ל קלאָר זיין. און כדי איהם צו פערשטעהן איז בכלל ניט נויטיג צו הערען זיינע ווערטער. דערצו איז נור נויטיג צו פערמאָגען א זעקסטען חוש, וועלכער זאָל אַליין זעהען, אַליין בעגרייפען אָ ה ן ווערטער...

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער ניט נסתר אליין. פיעל כאַראַקטעריסטישער ווי ער, איז דאָס, וואָס ניט קוקענדיג אויף זיינע מטושטש'ע געדאַנקען און פערוואָלקענטע בעגריפען, ניט קוקענדיג אויף זיין טויב־שטומער שפּראַך, האָט ער דאָך אין רעכט ברייטע קרייזען געפונען אנערקענונג. פיעל כאַראַקטעריסטישער ווי נסתר אליין איז דאָס, וואָס עס געפינען זיך געגוג עהרליכע, אויפריכטיגע מענשען, וואָס פ ע ר מ אָ ג ע ן דעם זעקסטען חוש אין פערשטעהן, אָדער פיהלען צו שפּירען דעם נסתר.

און טאָמער ערלויבט זיך דער קריטיקער, ה' נ י ג ע ר, למשל, צו בעמערקען: „עס דוכט זיך, אז נסתר'ס שרייבען איז ניט בלויז אָהן א פאָרם, נור אויך אָהן אן אינהאַלט", פערכאַפּט ער זיך באַלד, פערגלעט די שאַרפקייט פון זיין אויסדרוק און גיט צו: „כאָטש אין דער אמת'ען איז דאָרטען געוויס פאַרהאַן אן אינהאַלט און גאָר ניט אַזאַ אונזיכטיגער". און דאָ שפּיעלט זיך שוין פונאַנדער דער זעקסטער חוש, וועלכער זעהט דאָס אונזיכטיגע, און דער קריטיקער שרייבט ווייטער: · „ווען די כונה (און נסתר האָט געוויס אַזאַ כונה) צו ווערען דער ערשטער מ ק ו ב ל אין דער אידישער בעלעטריסטיק, וואָלט ארויסגעגאַנגען מן הכח אל הפועל, וואָלט עס, נאָך מיין מיינונג, געווען ניט בלויז א דרייסטער, נור אויך א ו ו י כ ט י ג ע ר שריט".

דאָס איז געשריעבען געוואָרען (אין דער „אידישער וועלט") ערשט ניט לאַנג, אין יאָהר 1913.

לייענט איהר דאָס און בעמיהט זיך צו בעגרייפען: אין וואָסער א פּרט וואָלט עס וויכטיג געווען, ווען נסתר ווערט דער ע ר ש ט ע ר מקובל, און נאָכ'ן ערשטען וועט קומען א צווייטער און א דריטער און עס וועט קומען צו א גאַנצער קבלה־בעוועגונג? וואָסער א וויכטיגקייט פאַר אונז קאָן שטעקען אין א קבלה־בעוועגונג א י צ ט, אין 20טען יאָהרהונדערט?

איהר בעמיהט זיך אָבער אומזיסט!

געוויס איז דאָס 20טע יאָהרהונדערט ניט קיין קמיע, וואָס דאַרף גילטען ווי א סגולה צו אַלע מענשליכע און געזעלשאַפטליכע קראַנקהייטען. געוויס זיינען פאַרהאַן פראַגען אי פיזיקאַלישע, אי פּסיכאָלאָגישע, אי סאָציאַלע, וועלכע דאָס 20טע יאָהרהונדערט וועט נ י ט בעשיידען. אָבער פונקט אזוי געוויס איז עס אויך, אז דעם בעשייד אויף אָט די אַלע פראַגען אויף דעם „נשאר חיב" (שולדיג בלייבען) פון 20טען יאָהרהונדערט, וועט מען זוכען צו געפינען אין 21סטען יאָהרהונדערט. צום 12טען אָדער אפילו צום 16טען יאָהרהונדערט וועט מען זיך אָבער ניט אומקעהרען, כדי דאָרט צו זוכען בעשייד אויף אַלע ניט פערענטפערטע פראַגען.

אין וואָס־זשע פּאָרט קאָן בעשטעהן די וויכטיגקייט פון א מיסטישער, אָדער קבלה־בעוועגונג פאַר אונז, לעבעדיגע מענשען?

אָבער פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ גרעסער די צאָהל מענשען, וואָס פערמאָגען א גרויס רייכקייט אין חושים. אויב זיי פ ע ר ש ט ע ה ע ן נ י ט, פ י ה ל ע ן זיי די וויכטיגקייט פון א קבלה־בעוועגונג. זיי פיהלען אויך א בעדערפנים אין מיסטישע פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען געגען דעם שכל הישר. א ראיה — די טאָג־פּרעסע. זי האָט אָנגעהויבען צו בעפרידיגען דאָס בעדערפנים פונ'ם זעקסטען חוש מיט מיסטישע אַרטיקלען, מיט ציטאַטען פון מקובלים און מיט פערגעטערען אַלץ, וואָס איז דעם פשוט'ען, אָבער געזונדען מענשענפערשטאַנד, א מין צולהכעיס. און מענשען, וואָס האָבען פערשטאַנען אָט די שטימונג אויסצונוצען, האָבען זיך ערוואָרבען די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט.

די מיסטישע שטימונגען האָבען זיך דערהויבען ביז צו יענער מדרגה פון דונקעלקייט, וואו די פערשיעדענסטע פיגורען הערען לחלוטין אויף צו אונטערשיידען פון אַנאַנדער. אזוי איז אין דער מיסטישער פאַנטאַזיע פערשוואונדען דער חלוק צווישען יודענטום און קריסטענטום. דאָס יודענטום האָט אויפגעהערט צו זיין א קולטור־פּראָדוקט פון טויזענדער יאָהרען אייגענאַרטיג לעבען און ווירקען, און דאָס קריסטענטום האָט אויפגעהערט צו זיין א סך הכל פון צוויי טויזענד יעהריגער ענטוויקלונג. די געשיכטע ווערט בכלל פערשוואונ־

דען פונ׳ם מיסטיקער׳ס האָריזאָנט. דערפאַר קומט אויף ביי זשיטלאָווסקי׳ן דער געדאַנק פון איד־קריסט; אזוי הויבט זיך אָן ביי אַש׳ן דאָס בעגעגניש פון אונזער מוטער רחל מיט זייער מוטער מרים; אין דער העברעאישער פּרעסע הויבען זיך אָן צו הערען שטימען פאַר אנערקענען דאָס עוואַנגעליום ווי א פאָרטזעצונג פון תנך און ראָזאַנאָוו פון „נאָוואָיע ווערעמיאַ" גילט א צייט לאַנג ווי דער מאָראַלישער, אָדער רעליגיעזער וועג־ווייזער פאַר אידישע יונגע לייט.

.2

און א גאַנצע תשובה־ליטעראַטור, אָדער „קאַצעניאמער־ליטעראַטור" איז געשאַפען געוואָרען. קינד און קייט האָט אָנגעהויבען צו ווערען ראָמאַנטיש, יונג און אַלט האָט אָנגעהויבען צו בענקען נאָך די לאַנג־פערגאַנגענע „ליכטיגע" צייטען. וואָס מיר געגענוואַרט, ווער מיר צוקונפט — די פערגאַנגענהייט נור קאָן אונז רעטען.

אין דער ליטעראַטור האָבען זיך אַליין אָפטער און אָפטער אָנגעהויבען בעווייזען טויב־שטומע שטימונגען. מענשען מיט שוואַכע כחות, מטושטש׳דיגע געדאַנקען און מיט זעקס מאָל זעקס חושים, האָבען קיין כוח ניט געהאַט מעהר ג אַ נ צ ע זאַכען צו ש אַ פ ע ן, אָדער אפילו נור גאַנצע זאַכען צו ש ר י י ב ע ן. אַליין אָפטער און אָפטער הויבען זיך אָן צו בעווייזען „פראַגמענטען"—פּיצלעך און ברעקלעך פון פערשיעדענע מיני „ציקלען".

איינער ברייננגט א „פראַגמענט" פון דעם ציקל: „פינסטערניש"; א צווייטער — פון דעם ציקל „פערפוילטע בלעטער"; א דריטער — פון דעם ציקל: „בית־עולם־זאַנגען"; א פיערטער — פון דעם ציקל: „שוואַרצע ליכט" און דערגלייכען.

און איינע און דיזעלבע קולות און איינע און דיזעלבע ווערטער הערט איהר פון די אַלע שרייבערייען — אידען אין שול אריין! אידען אויפ׳ן בית־עולם ארויף! וואָרום אַלע רופען זיי דעם מענשען ניט צו די טויערען פון לעבען, נור צו די טויערען פון טויט; ניט פאָרווערטס, נור צוריק.

אין דער מתנגד׳ישער ליטאַ הייסט עס:

„אין שפינוועבס, וואָס צווישען די באַלקענס אויפ׳ן בוידעם פון דער אַלטער שוהל, איז דעם אידענ׳ס נשמה איינגעוועבט. ווילען מיר זי אויפנעהרען אין זיך, ווילען מיר ווידער „תחית המתים" אויפשטעהן — האָבען מיר דערצו נור איין מיטעל: צוריק אויפ׳ן בוידעם, צוריק צו די שפינוועבס, ווי לאַנג עס איז נאָך ניט צו־שפּעט".

אָדער:

„אין דעם צאַנקענדיגען פלאַם פון די חלב־ליכט, וואָס שטעקען אין עמוד, וואָס אין דער אַלטער שוהל, צאַנקען אויף מיר, צאַנקט די אידישע נשמה. ווילען מיר ניט, אז אונזער נשמה זאָל אויסגעלאָשען ווערען, מוזען מיר זיך פערזאַמלען ארום דעם צאַנקענדען פלאַם, איהם פונאַנדערבלאָזען, זיך וואַרימען אָן איהם — און מיט דער וואַרימקייט נור קאָנען מיר אויף ווייטער לעבען..."

און וואָס פאַר׳ן מתנגד׳ישען ראָמאַנטיקער איז דער שוהל־הויף, דאָס איז פאַר׳ן חסיד׳ישען ראָמאַנטיקער דעם ר ב י נ׳ ס ה ו י ף.

אין דעם חסיד׳ישען פוילען, אָדער וואָלין הייסט עס:

„ווילט איהר, פערשמאַכטע נשמות, ווידער זיך אָבפרישען, טאָ געהט צו די קוואַלען, וואָס האָבען געשלאָגען אין די גוט־אידישע הויפען. דאָרט האָט מען עס פערשטאַנען צו לעבען נור מיט רוחניות; דאָרט האָבען מ ע נ ש ע ן געלעבט, וואָס האָבען מיט זייערע מעשים הויך ביז צום הימעל דערגרייכט, און אפשר נאָך העכער..."

אָדער:

„דער מענש איז קיין מענש ניט, וואָס זעהט ניט גאָט אין אינגווייד. אָבער זעהען גאָט קענען ניט די משכילים, ניט די וויסענשאַפטס־מענשען און די חכמים. גאָט זעהען קאָנען נור די אומגליקליכע קאַליקעס, חולי־נופלים, משוגעים און אַנדערע פון גאָט בעשטראָפטע. און ווילט איהר גאָט זעהען, טאָ זאָגט זיך אָפּ פון דער וועלט, ווערט בעטלער און שלעפער און בעלי־מומים דאָ — — — דאָן וועט זיין אזוי וואויל צו אייער נשמה..."

זעלבסטפערשטענדליך, אז אָט די אַלע ראָמאַנטישע רופענישען און פאָדערונגען צוריק צום אַלטען, צום געשטאָרבענעם, זיינען ווייט אָבגעשיידט דערפון, וואָס יעדער קולטור־מענש פאָדערט, נעמליך: צו ק ע נ ע ן די פערגאַנגענהייט.

קענען די פערגאַנגענהייט פון קולטור־געשיכטליכען שטאַנדפונקט אויס איז איין זאַך, און גאָר עפּעס אַנדערש איז קענען די פערגאַנגענהייט, כדי צו ל ע ב ע ן אויף איהר שטייגער.

מיר פערמאָגען גענוג פּיעטעט פאַר אונזערע גרויסע אין דער פערגאַנגענהייט. מיט דעם נויטיגען אָבשיי וועלען מיר שטיל פערבייגעהן פערביי דעם זוהן, וואָס שטעהט מיט א שווער געמיטה און פול האַרץ אויף זיין פאָטער׳ס קבר.

זאָל אָבער אָט דער ליעבענדער זוהן וועלען דעם טאַטען אויסגראָבען פון קבר און איהם נעהמען צוריק אין שטוב אריין, צווישען די לעבעדיגע — און עס וועט זיין די פפליכט פון יעדען פון אונז, דעם געטרייען זוהן צו בינדען, און איהם אָבשיקען אין א דול־הויז.

אַ כ ט ע ן דאַרפען מיר די געוועזענע, אָבער לעבען מיט זיי ניט...

ווארום געפעהרליך איז פאַר לעבעדיגע דאָס צוזאַמענלעבען מיט די טויטע — סיי דאָס צוזאַמענלעבען איז פיזיש סיי גייסטיג.

אָבער אונזערע ראָמאַנטיקער ווילען ניט בלויז מיר זאָלען קענען, ניט בלויז אַכטען אונ־זערע טויטע, נור מיר זאָלען ל ע ב ע ן מיט זיי, מיט זייערע השגות, מיט זייערע בעגריפען און מיט זייער וועלט־ און מענש־אויפפאַסונג.

עס איז געוואָרען אַ נייער מין אבות־קולט, ווי ער איז געווען גאַר אין די אוראַלטע צייטען, לאַנג פריהער איידער אונזער קולטור־תקופה האָט זיך אָנגעהויבען. אין טיעפען מיטעל־אלטער האָבען זיך אונזערע ראָמאַנטיקער אוועקגעלאָזט, און פון דאָרט ליפערען זיי אונז מוסטערן צום לעבען. און די אַלע מוסטערן זיינען גענומען בלויז פון די קבלה־ספערען, בלויז פון מיסטישע וואָלקען.

קומען די איינע און ברייננגען אייך דעם „זהר הקדוש", טייטלען אויף איהם מיט די פינגער און טענה'ן דערביי: „אָט דאָס איז דער קוואַל פון אייער לעבען, שעפּט פון איהם און איהר וועט געשטאַרקט און גענעזען ווערען".

קומען די אַנדערע און זאָגען: „ערשט דער „זהר הקדוש" האָט דער אידישען פאָלק אַ גאָט געגעבען; ערשט דער זהר האָט מתקן געווען משה רבינו'ס נשמה, און ווען ניט ער— וואָלטען אידען ניט געהאַט וואָס צו טהון אויף דער וועלט".

קומען די דריטע און נעהמען אַרויס פון קבר רבי משה קאָרדאָבאַ אָדער דעם „של"ה הקדוש" און זיי זאָלען זיין מוסטערן פאַר אונז, אויף זיי נור זאָלען מיר קוקען און אין זייערע וועגען זאָלען מיר געהען.

און די פיערטע קומען און ממש דורך מופתים בעווייזען זיי אייך, אַז אויב אברהם אבינו האָט געלעגט „ערב תבשילין", האָט משה רבינו געוויס געלערנט קבלה, זיך פערנומען מיט קבלה־מעשית (פּראַקטישע קבלה), און אַז די נ ב י א י ם זיינען געווען גרויסע מקובלים — שוין גאָרניט צו ריידען.

און אָט די אַלע זיינען געוויס אויסען דאָסזעלבע, וואָס דער דערמאָהנטער קריטיקער איז אויסען: צו שאַפען אַ קבלה־בעוועגונג ביי אידען, און ווי ער, מיינען זיי אויך, אַז אַזאַ בעוועגונג, וואָלט געווען פאַר אונז פון גרעסטער וויכטיגקייט.

און אָט די אַלע גלויבען מיט אַן אמת, אַז אביעקטיוו איז זעהר גוט מעגליך, אַז אַזאַ בע־וועגונג זאָל זיך אָנהויבען און ענטוויקלען אויף אין אונזער צייט. אַז אָט די גאַנצע קבלה־וועלט מיט איהרע ספירות, שמות־קאָמבינאַציעס און פאַנטאַסטיישער קאָסמאָלאָגיע זאָל קאָנען עקזיסטירען אין אונזער צייט — דערין צווייפלען זיי חלילה ניט.

ווארום בשעת מ'קומט שוין צו דער מדרגה פון מקובל, וואו מען איז מבטל אונזערע פינף חושים און מען איז אַלצדינג משיג נור מיט דעם איינעם, זעקסטען חוש, דאַן זיינען קיין אונמעגליכע זאַכען ניטאָ...

אָבער מענשען, וועלכע גאָט האָט גע־שטראָפט נור מיט פינף חושים און דעם זעקסטען האָט ער זיי ניט געגעבען, אַזעלכע מענשען מוזען איינזעהען, אַז דער גאַנצער מענשליכער פּאָרטשריט איז מעגליך געוואָרען ערשט פון דער צייט אָן, וואָס מענשען האָבען אַרויסגעשטויסען פון זייער געדאַנקען־וועלט דעם איבערנאַטירליכען עלעמענט. שטיצענ־דיג זיך אויף דעם שכל און אויף דער ערפאַה־רונג, אויף די חושים און אויף די ממשות'דיג־בעגרייפליכע זאַכען אין דער וועלט, זיינען די מענשען געקומען צו דער הויכער שטופע פון קולטור־פּאָרטשריט און טעכנישען פּאָרטשריט, צו וועלכען קיין שום מקובל מיט קיין שום פאַנ־טאַסטישע קאָמבינאַציעס וואָלט קיינמאָל ניט געקומען.

הונדערטע און אפשר טויזענדע יאָהרען האָבען די מקובלים געהאַט „קפיצת־הדרך" דורך שמות און צרופים און סוף כל סוף זיינען זיי געזעסען אין „קיביטקע" און געמוזט אָנקו־מען צו אַלעקסי דעם רבינ'ס, אַז ער זאָל זיין דער אַנטרייבער... צו איז ער געזעסען מיט'ן פּנים צו רב ליב שרה'ס צו מיט'ן פּנים צום פערד — דאָס איז דאָך שוין קיין גרויסע נפקא מינא ניט.

צי איז עס אָבער מעגליך, אַז איצט, אין דער צייט פון לופט־פליהעריי בפועל ממש, צו וואָס די גוי'שע געאָמעטריע און מעכאַניק האָ־בען געבראַכט, זאָלען זיך מענשען, נאָרמאַלע מענשען, אָבגעבען מיט ערנסט צו גלויבען אין „קפיצת הדרך" דורך שמות מיט צרופים?

דורות־לאַנג האָט עס געגאָלטען, אַז כדי צו האָבען פלינקע און פינקטליכע שליחים, האָ־בען די גרויסע מקובלים געשאַפען זיך גולמים, אונטערגעקלעבט זיי אַ „שם המפורש" אונטער דער צונג, און דער גולם איז אַ לעבעדיגער מענש געוואָרען.

צי איז עס אָבער מעגליך, אַז איצט, אין דער צייט, ווען מענשען האָבען אַזוינע פלינקע און פינקטליכע שליחים ווי טעלעגראַף און טע־לעפאָן, זאָל ווערען, אפילו נור צווישען אידען, אַ גולם־בעוועגונג, וואו אַ שם המפורש זאָל פערבייטען דעם טעלעגראַף און אַ גולם — דעם טעלעפאָן?

אין אַ צייט פון עקספּערימענטעלער וויסענ־שאַפט איז אַ בעוועגונג פון פאַנטאַסטישע קאָמ־בינאַציעס אונמעגליך. אונמעגליך שוין כאָטש נור דערפאַר אַליין, וואָס זיי זיינען לויט

זייער מהות פאַלש, און פאַר'ן לעבען — שעדליך.

3.

זאָגט מען: בשעת מ'רעדט וועגען מיסטי־קער, קבלה און אלע עהנליכע איבער־מענשליכע און אויסער־נאַטירליכע אידעען אָדער רעאַ־ליטעטען — פאַר די מענשען מיט זעקס חושים ז י י נ ע ן מיסטייטשע פאַרשטעלונגען און קבל'יסטישע פיגורען רעאלע זאכען — איז מען ניט אויסען קיין מאַטעריעלען נוצען, נור ג י י ס ט י ג ע ן נוצען; מיינט מען ניט, אַז דורך זיי וועלען מיר רייכער ווערען מיט ג ע ל ד ־ ווערטהען, נור מיט מאָראַלישע ווער־טהען; מיינט מען ניט, אַז דורך דעם, וועט אונז גרינגער ווערען דער טאָג־טעגליכער קאַמפּף פאַר ברויט, נור דער קאַמפּף פאַר דערהאַלטען אונזער נשמה אין ר י י נ ק י י ט וועט אונז גרינגער ווערען.

ווארום דער מענש, וואָס איז אויסגעטהון פון גשמיות, האָט ניט צו טהאָן מיט קיין מאַ־טעריעלער וועלט,, איז אריינגעטהון אין מיסטיק, אין קבלה, אין רוחניות, אין גאָטהייט, לעבט אין אַ העכערער ספערע — יענער מענש ווערט אויך אינערליך בעפרייט פון מאַטעריעלע בע־דערפּנישען, לעבט דערהויפּט מיט רוחניות, מיט צדקות. זיין נשמה ווערט געלייטערט, זיין שטי־מונג אידעאליסטיש — ווי זיין וועלט־אנשוי־אונג — און אָט די אידעאליסטישע שטימונג זיינען מיר אויסען אריינצוברייננגען אין אונ־זער מאַטעריאליסטישער וועלט בעת מיר לאָבען זיך מיט מיסטיק, קבלה, חסידות אין זייער גליי־כען.

פרעגט זיך אָבער: ווי הויך איז די פּראַ־בע פון אָט דעם מין אידעאַליזם? און נאָך פרעגט זיך: צי איז דען טאַקע נויטיג דוקא אָנקומען צו דער מיסטיק און צו דער קבלה כדי אריינצובריינגען אידעאליזם אין אונזער־מאַטעריאליסטישער וועלט?

אויב אונזער ליטעראטור מאָלט אונז „דאָס גאָלדענע צייטאַלטער" אין דער פער־גאַנגענהייט — די נביאים, למשל, האָבען דאָס געמאָלט אין דער צוקונפט... אויב מען שיל־דערט אונז מקובלים און צדיקים ווי די טרעגער פונ'ם העכבטען אידעאַליזם, פון דער שעהנ־סטער מאָראַל, האָט אָבער, די ליטעראטור, כלל נאָך ניט בעוויזען, אַז אָט די מענשען זיינען געווען אזוי אידעאליסטיש, ו ו י י ל זיי האָ־בען געשטעקט אין מיסטיק און געטעמט מיט קבלה. און דאָס קאָן אויך ניט בעוויזען ווע־רען.

מען דערצעהלט, אַז איינער האָט אַמאָל פאַרגעשטעלט דעם דובנער מגיד פאַר'ן ווילנער גאון. דער גאון האָט זיך געווענדט צום מגיד און איהם געזאָגט: „אויב איהר וועט מ י ר קאָנען זאָגען מוסר, וועל איך זעהען, אַז איהר זענט באמת אַ גוטער מגיד."

דער דובנער מגיד האָט ניט לאַנג געווארט און האָט אָנגעהויבען:

— גרינג איז אייך צו זיין אַ ירא שמים און אַ חסיד (אין ווילנא פלעגט מען דעם גאון רופען: חסיד), בעת איהר זיצט צייט־לעבען אָבגעזונדערט פון דער וועלט, אין אייערע ד' אמות פון תורה און עבודה. אָט פּרובט אָבער ארויסגעהען אין מארק אריין. פּרובט אַ ל י י ן פּאַרדיענען דורך משא ומתן די פּאָר גילדען אַ וואָך, וואָס איהר דאַרפט האָבען אויף אייער הוצאה, און ד ע מ אָ ל ט זיין אַ חסיד, ווי איהר זענט איצט, וועט עס זיין אַ בריה'ש־קייט....

און מען מוז זאָגען, אַז דער דובנער מגיד האָט געהאַט פיעל מעהר חוש צום לעבען, און צום אַ מ ת פון לעבען, ווי אונזערע היינ־טיגע, וואָכענדיגע מגידים, וואָס לעכצען אזוי צו מיסטיק, צו מקובלים און צו קבלה־בעווע־גונגען.

ווארום ער האָט פאַרשטאַנען, אַז „עשרה בטלנים" אין אַ ש ט אָ ד ט פון פשוט'ע אידען, קאָנען אַ קיום האָבען, אָבער אַ גאַנצע שטאָדט פון בטלנים קאָן קיין קיום נ י ט האָ־בען. אונזערע היינטיגע מגידים אָבער פער־שטעהען דאָס ניט. דערפאַר איז אַ מ אָ ל מיסטיק אָדער קבלה געווען אַן ענין נור פאַר יחידים, פאַר „אחד בעיר ושנים במשפחה". איצט אָבער איז עס, און מען בעמיהט זיך אַז עס ז אָ ל ווערען, און מען לעכצט דערצו, אַז עס זאָל ווערען אַן ענין פאַר אלע, פאַר'ן גאַנצען פאָלק. מיט שעהנער ליטעראטור און מיט אַ מיאוס'ער מאַמאָריסטיק ווארפט מען טאָג־איין טאָג־אויס מיסטישע, קאַבאַליסטישע און חסידישע „היילינטימער" אין פ אָ ל ק אריין, אַז דאָס זאָל פאַר איהם דיענען ווי אַ מ ו ס ט ע ר אין לעבען.

אַז אין מיסטיציזם גופא, אלס סיסטעם, אָדער וועלט־אנשויאונג שטעקט ניט קיין אידעע־אליזם — דאָס בעווייזען אמבעסטען די פּרע־דיגער פון מיסטיציזם אין קבלה אליין.

קיינמאָל האָבען מיר ניט פערמאָגט אזוי פיעל מענשען, וואָס זאָלען שטענדיג אומגעהען און טייטלען אויף זיך מיט'ן פינגער, ווי זינט די מיסטיק איז אריין אין „שוסטער־גאַס". קיינ־מאָל איז אין אונזער ליטעראטור ניט געווען אזוי פערשפּרייט דאָס „אני־הגבר'טהום", דאָס „איך־מענשטהום" ווי גראד איצט.

קיינמאָל האָט איהר אין דער ליטעראטור ניט בעגעגענט אזוי פיעל מאוסע בעלי־גאוה'ס, פאַר וועלכע די גאַנצע וועלט הויבט זיך אָן מיט א י ך, לאָזט זיך אויס מיט איך און אין צענטער פון דער וועלט איז אַוודאי און אַוודאי איך, ווי

איצט, בעת די מיסטיש־געשטימטע פיהרען דאָס גרויסע וואָרט אין דער ליטעראטור.

און די גאוה, דער עגאָאיזם, די זעלבסט־פערגעטערונג איז דאָס געזעצליכסטע קינד פון דער מיסטיק. וואָרום די מיסטיק איז, לויט איהר מהות נאָך, מעגליך נור דאן, ווען דער מענש קאָנצענטרירט אַלע זיינע חושים נור אויף זיך, ווען ער קוקט נור אין זיך, שפּיגעלט זיך נור אין ז י י נ ע פאנטאסטישע קאָמבינאַציעס און פערמאַכט די אויגען אויף דער גאַנצער וועלט ארום, ממילא וואַקסט דער א י ך, דער נישטיגער איך איבער אַלץ און אַלע, וואָס שטעהען אויסער איהם.

איינעם פון אונזערע מיסטיש־געשטימטע שריפטשטעלער, וואָס איז שטענדיג בבחינת אינדיק האָב איך אַמאָל געפרעגט:

— פון וואנען נעהמט זיך צו אייך אַזוי פיעל גאוה?

האָט ער מיר באַלד אויפ׳ן אָרט געענטפערט מיר א פסוק פון געטעהע: „נור די ל ו מ פ ע ן זיינען בעשיידען!“

דערמאהן איך זיך אַ מעשה:

צו רב אייזעל סלאנימער איז אַמאָל געקומען אַ בחור אַן עם הארץ און געבעטען ביי איהם קבלה אויף שחיטה. האָט ער איהם ניט געוואָלט געבען און געזאָגט, אַז אַן עם הארץ טאָר קיין שוחט ניט זיין.

— סטייטש, רבי — האָט דער בחור אָנגעהויבען צו טענה׳ן — עס איז דאָך אַ בפירוש׳ע משנה: „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה“—אַלע מעגען קוילען, און זייער שחיטה איז כשר“!

— פערשטעהסטו מיך, האָט איהם רב אייזעל געענטפערט, דער דין איז גילטיג געווען נור כל זמן די עם־הארצים האָבען ניט געוואוסט פון איהם . . . . אָבער איצט גילט ער שוין מעהר ניט.

און כל זמן די לומפען האָבען ניט געוואוסט פון געטהא׳ס פסוק, האָט דער פסוק געגאָלטען. אָבער זינט די לומפען זיינען פון איהם געוואָהר געוואָרען, גילט ער שוין מעהר ניט.

אַלענפאלס מוז זיין ד ע ר אידעאליזם פון זעהר אַ נידריגער פּראָבע, אויב ער ברייננגט נור צום שטענדיגען צאצקען זיך מיט זיך, צו שטענדיגער זעלבסט־פערגעטערונג און צום אייביגען שרייען: „אני הגבר“.

(ווייטערע בריעף קומען)

משה ב״ין

ביבליאגראפיע

ח. נ. ביאַליק. פּאָעזיע (ליעדער און פּאָעמען). פערלאַג „פּראגרעס“. פרייז 1 רובעל.

חיים ביאַליק׳ס שירים זיינען שוין מיט יאָהרען צוריק ארויס אין העברעאיש. ס׳איז שוין א פּאָר יאָהר, ווי זיי זיינען איבערזעצט אין רוסיש. א אידישע אויסגאַבע פון א טייל פון זיינע ווערק האָבען מיר זיך אָבער ערשט איצט דערוואַרט. אין בוך איז אריין בלויז א קליינער טייל פון די שירים, וואָס ער האָט געשריבען. אפילו ניט אַלע ליעדער וואָס זיינען שוין לאַנג איבערזעצט געוואָרען אין אידיש, זיינען אריין אין דעם באַנד. זיינע פּראָזאַאישע ווערק פעהלען דאָ אין גאַנצען, — און דער אידישער לעזער קאָן דעריבער ניט בעקומען פון דעם בוך קיין גאַנצען בילד פון דער וואונדערליכער ערשיינונג אין אונזער נייעסטער ליטעראַטור, וואָס טראָגט דעם נאָמען ב י א ל י ק.

פונדעסטוועגען וועט אויך אָט די ווייט ניט פולע זאמלונג זיכער מיט פרייד בעגריסט ווערען פון יעדען אידישען לעזער און בעזונדערס פון דעם סאָרט לעזער, וואָס זעהט אין דער אידישער ליטעראטור ניט בלויז לעזע־שטאָף און צייט פערטרייב, נאָר טאַקע א וויכטיגע קולטורעלע ווערטה.

דאָס בוך איז בעזאָנדערס וויכטיג דערמיט, וואָס אין איהם זיינען צום ערשטען מאָל געזאַמעלט כמעט אלע שירים, וואָס ביאליק האָט אליין געשריבען אָדער איבערזעצט אין אידיש.

ביאליק איז ביי אונז פעררעכענט צווישען די העברעאישע פּאָעטען, ד. ה. צווישען די, וואָס שרייבען פאר א קליינעם קרייז אין א שפּראַך, וואָס ווערט אלץ מעהר און מעהר אָבגעריסען פון דעם אידישען פּאָלקס־לעבען. אויך ביאליק אליין, דער שעהנסטער און שטאַרקסטער פערטרעטער פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראטור, קאָן זיך אַמאָל ערלויבען צו בעציהען זיך מיט א גרינגשעצונג צו דער אידישער שפּראך און ליטעראטור און צום וואָכעדיגען לעבען, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אין זיי... די לאַגע פערפליכטעט. דער כהן גדול, אָנגעטהון אין די אַלטע העברעאישע מלבושים, קאָן זיך ניט אראָבלאָזען צום פשוט׳ען פּאָלק מיט זיינע ג ע ו ו ע ה נ ל י כ ע פריידען און ליידען, מיט זיינע טאָג־טעגליכע צרות און איבערלעבונגען. דער כהן גדול קאָן נאָר בעטען פאר׳ן פּאָלק — מיט׳ן רוקען צום עולם, מיט׳ן פנים צו גאָט. ער איז דער שטראפער און דער קנאי, דער יחסן, וואָס זעהט מיט טרויער, אז דאָס פּאָלק איז נאָך ניט אָדער וועט קיינמאָל ניט מסוגל זיין אויפצוהויבען זיך צו דער מדרגה פון ז י י ן

שמערץ און פון זיינע געפיהלען. און זעהט ער, ווי דער עולם הינטער איהם ווערט אלץ שיטערער און קלענער, קאָן ער געפינען נאָר הארטע שטראָף־רייד פאר די אנטלויפענדע, און ביטערע ווערטער פאר זיך אליין:

„איך האָב שוין מעהר קיין שפּראַך פאר אייך,
פאר אייך איז פרעמד און טויט גאָטס שפּראַך.
איך האָב געזאָגט איין וואָרט — האָט דאָס
דער ווינט פערטראָגען מיט איין בלאָז“...

אין דעם פינסטערען פוסטען יאָמערטהאָל פיהלט ער דעמאָלט, אז ער איז אפשר געבליבען דער איינציגער, וואָס פיהלט און זוכט:

„ס'איז נאָך דאָ עמיצער מיט
דיר: ער בלאָנזשעט
מיט צוגעמאַכטע אויגען אין דער פינסטער,
פערטיפט אין אבגרונדטען פון גרויסען אומעט,
שטרעקט אויס צוויי דארע הענט צום שווארצען,
מיט שטומע אנגסטען אָנגעפילטען חלל
און טאַפּט דאָס פינסטערניש מיט בלינדע פינגער,
ניט זוכענדיג קיין אויסוועג פאר זיין טרויער“–
און עס פאַלט איהם איין א געדאנק אַז:
„פון אייער אויסגעלאָשען אויג
בין איך דער לעצטער שווארצער בליץ,
„פון אייערע פערקלעמטע ציהען,
דער לעצטער צאָרנדיגסטער קריץ“.

אָבער ביאַליק איז ניט נאָר א „העברעאישער“ פּאָעט, שוין זיין וואונדערליך ברייטער שוואונג, זיין טיעפעס אריינלעבען זיך אין די אייביגע פראבלעמען פון דער צוריסענער און דאָך גאנצער, פערהארטעוועטער און דאָך צארטער אידישער פאָלקס־נשמה האָט איהם געשטעלט אין דער ערשטער שורה פון אונזערע פאָלקס־פּאָעטען, וואָס געהערען ניט און קאָנען ניט געהערען צו איין קרייז אָדער קלייזעל. אין די מאָמענטען, ווען ער ווייסט, אז ער האָט עפּעס בעזונדערס וויכטיגעס צו זאָגען, מוז ער זיך ווענדען צו דער אידישער פאָלקס־שפּראַך און דעמאָלט שרייבט ער זיינע ווערק גלייך אין אידיש (ווי „דאָס לעצטע וואָרט“) אָדער ער זעצט זיי אליין איבער פון העברעאיש („אין שחיטה שטאָדט“ און אנדערע). אין אָט די א י ד י ש ע ווערק זיינע, ווי אויך אין זיינע אידישע איבערזעצונגען פון היינע און יהודה הלוי, פיהלט זיך דער ערשט־קלאַסיגער מייסטער,ביי וועלכען דאָס וואָרט איז כהומר ביד היוצר און קאָמבינירט זיך אין קלאַנגען, וועגען וועלכע מען האָט פריהער גאָר ניט געטרוימט.

ביאַליק'ס אידיש איז בשום אופן ניט „שיחת חולין“, קיין שפּראַך פון א צופעליגען גאסט, וואָס טהוט צוליעב דעם עולם. דאָס איז א מייסטער־שפּראַך, אין וועלכער ביאַליק האָט אריינגעטראָגען דעם שארפען קלאַנג און קורצקייט פון העברעאיש און דעם וויץ און בויגינגקייט פון דעם מאָדערנעם אידיש.

דאָס נביא'ישע „לעצטע וואָרט“, אין וועלכען ביאַליק איז צום ערשטען מאָל ארויס אין אידיש, אלס דער פערביטערטער און פערצאָרנטער שטראָפער, איז שוין לאַנג בעקאַנט צום אידישען עולם. ווייניגער בעקאַנט איז דאָס „פרעהליכעס“, וואָס איז צום ערשטען מאָל אָבגעדרוקט געוואָרען מיט א יאָהר דריי צוריק:

„נישט געגאַשט פון עולם הזה,
עולם הבא אויך נאָך גאנץ —
וואָס זשע פעהלט אייך?—האַנט אויף אקסעל—
און לאָז פלאַקערען א טאַנץ!
— — — — — — — — — — — — — —
וואו א טראָפּען גאַל פערבאָרגען,
וואו א וועה און וואו א וואונד, —
אויסגעטאַנצט מוז היינט דאָס ווערען
ביז צום סוף און ביז דעם גרונד!“

אין דעם „פרעהליכעס“ פיהלט זיך נאָך אונטער'ן פערשכורטען טאַנץ דער אָבקלאַנג פון דעם יאוש אין „נביאיש“:

„נישט א טראָפּען צו דערקוויקען,
אויסגעטריקענט ווי א קוואַל —
וואָס זשע שמאַכט איהר? נעמט דעם בעכער,
גיסט איהם אָן מיט גרינע גאַל“.

דערפאַר אָבער ווייס ביאַליק אויך ווי צו זינגען א הארציג ליעדעלע וועגען אידישע קינדערלעך („אונטער די גרינינקע בוימעלעך“) און מאָלען א אידיליע פון דעם אידישען לעבען אין קליין שטעדטעל („מיין גאָרטען“):

„זומער־לעב נאָך מיטאָג, הייגו:
נאָך א יויך און נאָך געבראָטענס,
נעהם איך און פערשטעק זיך טיעף
און צולעג זיך דאָרט אין שאָטענס —
ברייטליך אָט אָ דאָ, למשל,
אונטערן בארנבוים דעם גרויסען...
מיני פייגעל אלערליי,
שדים ווייסען, ווי זיי הייסען. —
המ... קאַנאַרעקליך אַ שטייגער
זינגען, קלינגען, קנאַלען, שאַלען...
— — — — — — — — — — — — — —
מאַכען חוזק פון א אידען,
כ'וויים נישט וואָס זיי ווילען האָבען;
הוידען, גליטשען זיך אויף מיר —
טפו, א רוח אין זייער באָבען!“...

אויסער ביאַליק'ס אָריגינעלע און איבערזעצטע אידישע שירים זיינען אין בוך נאָך אריין עטליכע פון זיינע שירים (און צווישען זיי „דער מתמיד“) איבערזעצט פון אַנדערע. א שאָד נאָר, וואָס ס'זיינען ניט געגעבען געוואָרען אלע איבערזעצונגען, וואָס מיר האָבען שוין פון ביאַליק'ן און וואָס ניט אונטער אלע איבערזעצונגען, וואָס זיינען אריין איר בוך, זיינען אָנגעצייכענט די נעמען פון די איבערזעצער.

ארויסגעגעבען איז דאָס בוך גאַנץ שעהן און וועט געווים האָבען ערפאָלג ביי די ברייטע אידישע לעזער־קרייזען.

Vol. XIX JULY, 1914 No. 7

יודזשין וו. דעבס

לודלאָוו, און וואָס די בלוטיגע פּאַסירונג לערנט אונז.

די הענד, וואָס האָבען אָנגעצונדען דעם לויה־פייער אין לודלאָוו, האַלטען אויך דעם רידעל, וואָס וועט גראָבען דעם קבר פון קאַפּיטאַליזם. אַן אונגליקליכע שטונדע פאַר דער געלד־הערשאַפט איז דאָס געווען, ווען די נאַכריכט פון דעם מאַסען־מאָרד פון די אונשולדיגע האָט דורכגעבליצט פאַר די אַרבייטער פון דער וועלט; אין דיזער שטונדע איז דאָס שיקזאַל פון קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקאַ פערזיעגעלט געוואָרען.

ראַקעפעלער׳ס מאָרד־אַגענטען אין לודלאָוו האָבען אויסער פרויען און קינדער דער׳הרג׳עט נאָך עטוואָס; זיי האָבען טויט־געשאָסען דעם דרך ארץ, די עהרפורכט פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער פאַר די אינסטיטוציאָנען פון קאַפּיטאַליזם.

פאַר דורות און דורות האָט דער צבועצקער פּאַטריאָטיזם היפּנאָטיזירט די אַרבייטער פון אַמעריקאַ. די מעשה־לודלאָוו האָט דאָ אָבער א רעכט ביסעל איופּגעטהאָן. די אַרבייטער הויבען זיך אָן פון דעם היפּנאָז צו בעפרייען. דער פייער, וואָס האָט אָבגעבראָטען די פרויען און די קינדער, האָט אויך אויסגע׳שרפה׳ט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דעם צבועצקען פּאַטריאָטיזם. א פער׳שרפה׳טע נבלה איז דאָס געוואָרען, וועלכע די געלד־הערשאַפט וועט שוין מעהר ניט קענען איינוויקלען אין די פאַלבען פון דער אַמעריקאַנער פאָהנע און פערזיכערן זיך דערמיט אויך אויף ווייטער די אונטערשטיצונג, דעם רעספּעקט און דעם צוטרוי פון די לוין־שקלאַפען.

אין די רויכערענדע אַשעס פון דעם חורבן אין לודלאָוו איז פערניכטעט געוואָרען דער לעצטער שפור פון רעספּעקט, וואָס דער היגער אַרבייטער האָט נאָך געהאַט פאַר די פאַלשע רעליגיעזע פּרעטענזיעס פון קאַפּיטאַליזם.

בעת ראַקעפעלער איז געשטאַנען אין קירכע און האָט אַזוי ברייט און אַזוי גרויס געשאָטען מיט הייליגע פראַזען, האָבען זיינע מיליטערישע בלוט־הינד טויט־געשלאָגען רעכטס און לינקס די פרויען און די קינדער פון זיינע אינדוסטריעלע שקלאַפען. און אָט די העלישע צבועצסטווע פון א ראַקעפעלער איז די צבועצסטווע פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. די אַלע גע׳גנב׳עטע מיליאָנען און ביליאָנען וועט מען שוין מעהר ניט קענען פערהערליכען און פערהייליגען מיט א רעליגיעזער אָפּשטראַהלונג. די פערבלענדטע איינבילדונג צורינט. די אַרבייטער קומען צום שכל. די רויבער־מתנות פון קאַפּיטאַליזם וועלען שוין מעהר ניט קענען בעהאַלטען זייער רויב און זייערע גנבות אונטער׳ן מאַנטעל פון גאָט און רעליגיאָן.

א שרעקליכען געשפּענסט, א געשפּענסט, וואָס דערמאָנט אָן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, האָט די אַמעריקאַנער געלד־הערשאַפט דערזעהן פאַר זיך צום ערשטען אין דיזען לאַנד. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון לודלאָוו. אָרגאַניזירטע אַרבייט האָט צום ערשטען מאָל אין איהר געשיכטע אָפען און שטאָלץ געשטימט פאַר מלחמה און מלחמה־הוצאות — אַז מען זאָל געבען די קאָלאָראַדער מיינערס גענוג געלד איינצוקויפען וואַפען, ביקסען און קוילען.

האָט דער קאַפּיטאַליזם זיך ריכטיג איבערגעשראָקען, ווען די אַרבייטער האָבען בעוויזען זייערע ציינער? יע, און אויף זעהר אַן ערנסטען אופן. און איצט, וואָכען לאַנג נאָך די לודלאָוו־שרעקען, קען נאָך אַלי׳ן די אַמעריקאַנער געלד־הערשאַפט צו זיך ניט קומען. זי שטעהט פערגאַפט ביי דעם גיהנם־אָבגרונד, וואָס האָט זיך ברייט געעפענט פאַר איהר אין יענעם שטילען אַפּריל־מאָרגען, ווען דער אַרבייטער קלאַס פון אַמעריקאַ האָט דערזעהן די אונשולדיג־געטויטעטע, אויף קויל־פערברענטע קינדער זיינע.

ווען אַרבייט לאָזט אַרויס א ברום, א מאַסען־ברום, דאַן בלייבען די באַנדעס פון קאַפּיטאַליזם גאַנץ אָבהענטיג; זיי פערבאָרגען זייערע נעגעל און בלייבען שטעהן צוציטערטע. די געלד־הערשאַפט פון אַמעריקאַ האָט אונטערגענומען אַן עראָבערונגס־קריעג אין מעקסיקאָ. דעם ערשטען אַקט פון דער שרעקליכער דראַמאַ האָט מען שוין געגומען אויפשפּיעלען אין וועראַ קרוץ. די צופלאַקערטע אויפ־רעגונג איבער לודלאָוו האָט אָבער דעם שפּיעל מיט׳ן שטן אין מעקסיקאָ אָבגע־שטעלט. א וואולקאַן פון א רעוואָלוציאָן האָט געהאַלטען ביים אויסברעכען אין דער היים, און די געלד־הערשאַפט האָט זיך ניט ערוואַגט אָנצופאַנגען אין אַזאַ צייט אַן עראָבערונגס־קריעג אין דער פרעמד. און עס קען נאָך פּאַסירען, אַז ווען־עס־איז אין די שפּעטערע יאָהרען וועט דער זיעגרייכער פּאַטריאָט פּעאָן פון מעק־סיקאָ קומען אין לודלאָוו, און מיט א טיעף־געבויגענעם קאָפּ לייגען א בלומען־קראַנץ אויף די קברים פון די אונשולדיג־געטויטעטע. זיי האָבען מיט זייער מאַרטירער־טויט פיעל אויפגעטהאָן פאַר׳ן פרייהייטס־קאַמפּף אין מעקסיקאָ. דאָס זיינען אימער די קרבנות פון אַרבייט, אין בלוט און אין טרעהרען, וואָס בעשטימען דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט.

מאַסען־מערדערייען, בלוט־בעדער אין נאָמען פון קאַפּיטאַליזמוס זיינען קיין נייעס ניט אין דער געשיכטע פון די אַרבייטער פון דער וועלט. די אינדוסטריעלע געשיכטע פון אַמעריקאַ אין פערלויף פון א פערטעל יאָהרהונדערט, פון האָמסטעד און ביז קאַלומעט, איז פול מיט אַזעלכע שחיטות. אָבער קיין מאָל ניט פריהער אין דער געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקאַ איז אָנגעקומען דער פּסיכאָלאָגי־שער מאָמענט, ווען די געלד־הערשער זאָלען זיך ערלויבען צו טויטען מיט אַזאַ מיתה משונה אונשולדיגע פרויען און קינדער פון זייערע אינדוסטריעלע שקלאַפען. דאָס האָט פּאַסירט צום ערשטען אין לודלאָוו; און די אַלע יאָהרען, די אַלע אומ־שטענדען פון די אַלע יאָהרען פון אונזער אינדוסטריעלער געשיכטע האָבען געפיהרט דערצו.

אין די פריהעריגע יאָהרען פלעגען די שקלאַפען פון קאַפּיטאַליזם אָהן רחמנות געמאָרדעט און געטויטעט ווערען ביי זייער אַרבייט אין די מינען און אין די פּעקטאָריעס און איבעראַל אין אַלע שקלאַפען־גיהנם׳ס פון קאַפּיטאַליזם. און ווען נור די שקלאַפען פלעגען וואַגען צו פּראָטעסטירען, פלעגט מען זיי ווידער שלאָגען און שיסען און טויטען מאַסענווייז. און דער קאַפּיטאַליזם האָט בעשלאָסען, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין גרענעץ צו דעם אַרבייטער׳ס געדולד, אַז מען קען בעגעהן געגען דעם אַרבייטער די שווידערליכסטע נידערטרעכטיגקייטען, און דאָך רעוואָל־טירען, ניט פּראָטעסטירען, נור רעוואָלטירען וועט ער אַלץ ניט.

לודלאָוו איז אָבער יע געווען דער גרענעץ.

די געפיהלען פון צאָרן און ראַכע, וואָס האָבען געגליהט אין פערלויף פון א האַלבען יאָהרהונדערט פערשטיקטערהייט אין אַרבייט׳ס נשמה, האָבען פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין פלאַמען פון רעוואָלט. דער פייער, מיט וועלכען מען האָט אונטערגעצונדען די אָרימע מיינער־ביידלאַך אין לודלאָוו, האָט אויך אויפגעפלאַקערט די מיליאָנען־צונגען שטימע פון אַרבייט׳ס אונענדליכע בעליידיגונגען. און דער גאַנצער טהראָן פון קאַפּיטאַליזם האָט זיך גענומען שאָקלען אויף זיין צופוילטען פונדאַמענט.

דער קאַפּיטאַליזם האָט איצט פערבאָרגען זיינע נעגעל אין ציטערנים. אַרבייט, ווי עס שיינט פאַר׳ן מאָמענט, האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט. לאָז אָבער די געלד־הערשאַפט ניט נעהמען עס צו לייכט און פּרובען ווידערהאָלען די בלוטיגע סצענען פון לודלאָוו. אַרבייט האָט געלעהרענט אין לודלאָוו איהר לעקציאָן, און אויב דער קאַפּיטאַליזם וועט עס ניט נעהמען אין אַכט, דאַן וועט ער זעהר שלעכט אָפּשניידען; די זיילען פון דעם טעמפּעל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען קראַכען.

קיין מאָל מעהר שוין וועט אַרבייט זיך לאָזען אָפּנאַרען און פערפיהרען פון

יענעם אַלט־פערשימעלטען ליגען, אַז די אינטערעסען פון אַרבייט און קאַפּיטאַל זיינען איינע און דיזעלבע. אַרבייט האָט געצאָהלט א גרויסען פּרייז אין בלוט און אין טרעהרען פאַר איהר ערציהונג. דעם קלאַסען־בעוואוסטזיין האָט מען איצט אין לודלאָוו אַריינגעשאָסען און אויסגעבריענט טיעף אין איהר נשמה. אַרבייט זעהט שוין איצט ריכטיג די קלאַסען־ליניען, וואָס צושפּאַלטען אונזער געזעלשאַפט, און א דאַנק לודלאָוו, זעהט זי זיי מיט אַזא קלאָרהייט, דאָס קיין סאָפיסטיק וועט עס שוין מעהר ניט קענען פערדונקלען.

אַרבייט האָט זיך שוין דורכגעדרונגען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, מיט'ן געדאַנק, אַז יעדע רעגיערונג אונטער'ן קאַפּיטאַליזם איז א קלאַסען־רעגיערונג. און אין דער צוקונפט, וואו נור אַרבייט וועט אַנטהייל נעהמען אין פּאָליטישען לעבען פון אַמעריקאַ, וועט זי עס אימער ניט אַרויסלאָזען פון אויג. די אַרבייטער מאַסען פערשטעהען איצט, ווי קיין מאָל ניט בעפאָר, אַז די פּאָליטישענס פון דעם קאַפּיטאַ־ליזמוס, צי זיי רופען זיך רעפּובליקאַנער, צי דעמאָקראַטען, צי פּראָגרעסיווע, זיינען זיי אַלע ניט מעהר ווי די בויגזאַמע געצייג פון דער געלד־הערשאַפט. אָהן אויס־נאַהם שטעהען זיי, די אַלע פּאָליטישע עלעמענטען, פעסט הינטער די געדונגענע מערדער פון לודלאָוו; זייערע הענד זיינען אַזוי רויט־בעפלעקט מיט די בלוטען פון די אונשולדיגע, אַזוי ווי די הענד פון די מערדער זעלבסט. די אָרגאַניזירטע סאָ־ציאַליסטישע בעוועגונג איז די איינציגע פּאָליטישע אינסטיטוציאָן אין אַמע־ריקאַ, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער לודלאָוו־שחיטה מיט ריינע הענד. דאָרט, אַזוי ווי איבעראַל אויף דער ערד, איז זי געשטאַנען מיט אַרבייט. זי אַליין האָט געקעמפּפט דעם קאַמפּף פון אַרבייט, האָט זיך געפרעהט מיט אַרבייט'ס נצחונות און אויסגעדריקט איהר פולסטע סימפּאַטיע אין די פינסטערע שטונדען פון אַרבייט'ס נידערלאַגען. זי אַליין צווישען אַלע פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען פון אַמעריקאַ האָט געהאָלפען שפּייזען די הונגעריגע, קליידען די נאַקעטע, און זי האָט געמישט איהרע טרעהרען מיט די טרעהרען פון אַרבייט איבער די קברים פון די מאַרטירער־פרויען, מאַרטירער־קינדער. אין דעם סאָציאַליזם האָט דער אַרבייטער־קלאַס פון אַמעריקאַ געפונען זיין טרייסט, זיין האָפנונג, זיין בעגייסטערונג. און אָט די לעקציאָן האָט ער געלעהרענט אַם בעסטען אין לודלאָוו.

דער בראַנד־אָפּפער אין לודלאָוו האָט געברענט און געבראָטען די סאַמע נשמה פון אַרבייט. און אָט דאַן, אין די שטונדען פון שרעקליכען פּיין, האָט אַרבייט זיך זעלבסט אויסגעפונען. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דיזער נאַציאָן איז דער מאַסען־גייסט פון דעם אַרבייטער־קלאַס בעוואוסטזיניג בעוועגט געוועזען פון איין ווילען, פון איין שטרעבונג, פון איין אימפּולס. ער בעוועגט זיך נאָך אַלץ און וייטער, און אידער די גאַנצע קראַפט זיינע וועט פערברויכט ווערען, וועלען די העלישע אינסטיטוציאָנען פון קאַפּיטאַליזם אַרונטערגעקעהרט ווערען פון דיזער ערד.

יהואש

ביים ים הגדול

עס רוישען אין דער נאַכט די וועלען —
זיין איך אַליין ביים ברעג און הער...
מיר דאַכט זיך: פון מיליאָנען קעהלען,
קומט אָן אן אַלטעס ליעד אַהער...

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסען,
פאַר וואָס די טרעהרען מיינע פליסען,
און ס'האַרץ איז פול און שווער...

* * *

דער הימעל גיסט א ווייסען רעגען,
פון שטערען גרויס און וואונדער־העל,
געשטאַלטען נידערען און פרעגען:
„ווי גיך?.. מיר וואַרטען אויף בעפעהל..."

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסען,
פאַר וואָס די טרעהרען מיינע פליסען,
און ס'האַרץ קלאַפּט ווילד און שנעל...

* * *

אָראַנזשען שפּרייטען ציבער־דופטען
צום שטומען שפּיעל פון שטערען־שיין,
א גרויסער טרוים הענגט אין דער לופטען,
און פלעכט זיך אין דעם דופט אריין...

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסען,
פאַר וואָס די טרעהרען מיינע פליסען,
און ס'האַרץ צוגעהט פון פּיין...
תל־אביב, 1914.

א. ליעסין

נאַטהאַן און דער קאַטאָלישער באָיקאָט

זעלטען וועלכע פּאַסירונג איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן געזעלשאַפטליכען לעבען פון אונזער רעפּובליק, ווי דער באָיקאָט פון די אַמעריקאַנער קאַטאָליקען געגען דער וועלט־אויסשטעלונג אין סאַן־פראַנציסקאָ.

די פּעראייניגטע שטאַאטען מאַכען א וועלט־אויסשטעלונג לכבוד דער ערעפענונג פון דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. דער קאַנאַל — דאָס איז די גרעסטע אונטערנעהמונג, וואָס די מענשען אויף אונזער ערד האָבען ווען־עס־איז בעוויזען דורכצופיהרען. דער יום־טוב פון דער ערעפענונג — דאָס איז דער גרעסטער יום־טוב פון אונזער ציוויליזאַציאָן. באָיקאָטירען די קאַטאָליקען דעם יום־טוב נור דערפאַר, ווייל די איטאַליענישע רעגיערונג האָט געשיקט ערנעסטא נאַטהאַן אַלס איהר פּערטרעטער. און וואָס די יעזואיטישע חרם־ארויפלעגער זאָלען ניט זאָגען — נאַטהאַנ'ס איינציגער פערברעכען איז, וואָס ער איז געווען מעיאָר פון רוים. מען באָיקאָטירט אין נאַטהאַנ'ען ניט סתם דעם אידען, נור דעם אידען, וואָס איז געווען מעיאָר פון רוים. א איד א מעיאָר פון רוים! — דאָס קלינגט פאַר'ן קאַטאָליק, ווי א שווערע בעלייריגונג, ווי א שמערצליכע פערשוועכונג פון דעם וואַטיקאַן, פון פּאַפּסט, פון דער גאַנצער רוימיש־קאַטאָלישער קדושה.

און אָט פאַר'ן אידישען לעזער וועט זיין אינטערעסאַנט אָפּצושטעלען זיך אויף דעם א ביסעל לענגער.

* * *

רוים איז נאָך אין די אַלטע צייטען געווען דאָס פינסטערסטע שרעקען־בילד פון דער אידישער געשיכטע. רוים הרשעה האָט מיט אייזערנע קנאַפעל צוטראָטען די אידישע אונאבהענגיגקייט און צושטויסען אין שטויב די אידישע אומה. און שפּעטער, ווען דער געצענדיענערישער רוים האָט אומגעביטען דעם נאָמען אויף קאַטאָלישען רוים און דער צעזאַר האָט אָנגעטהאָן א צלם און אָנגענומען דעם טיטול פּאַפּסט און די רוימישע אימפּעריע האָט זיך שוין ניט אַנדערש גערופען ווי די הייליגע רוימישע אימפּעריע, האָבען די אידען אויפגעקרעכצט נאָך פירכטערליכער, נאָך הערצרייסענדער. די אַלטע אימפּעריע האָט פּערפאָלגט הויפּטזעכליך דעם אידישען קאָלעקטיוו, דעם פּאָליטישען קבוץ; די הייליגע אימפּעריע האָט שוין פערפאָלגט, און נאָך פיעל־פיעל גרויזאַמער, אויך דעם איינצעלנעם אידען, יעדען אידען, וואָס האָט נור געהאַט דעם מוטה אָפּצוקעהרען זיך פון די קאַטאָלישע געטער. עס איז זאָנדערבאַר, אַז בעת די ווילדסטע גזרות און שחיטות האָט מען אין רוים גופא, אונטער'ן שאָטען פון וואַטיקאַן, די אידען געלאָזען לעבען. וואָס אָבער פאַר א לעבען איז דאָס געווען! אויף א זומפּ, האַרט ביים טייך טיבר, אויף א שטח, וואו עס האָבען געקענט וואָהנען נור א פּאָאר הונדערט מענשען, האָט מען צונויפגעשטיקט א קהל אידען, וואָס איז אָפּטמאָל בעשטאַנען פון א פּאָאר צעהנדליג טויזענד. אַרומגערינגעלט מיט געמויערטע ווענט, אונטער שלאָס און ריגעל, האָט מען זיי דאָרט געהאַלטען. און אַזוי ווי אידען זיינען זעהר אַן אַלטע פּאָלק, האָט מען גוזר געווען, אַז זיי פּאַסט צו האַנדלען נור מיט אַלט־וואַרג. איבער'ן טויער פון דער גהעטאָ האָט זיך ערהויבען א הויכער הילצערנער צלם מיט א העברעאישען אויפשריפט פון ישעיה: „פרשתי ידי כל היום אל עם סורר (איך האָב אויסגעשפּרייט די הענד א גאַנצען טאָג צו א פּאָלק א ווידערשפּעניגען). אויסגעשפּרייט די הענד א גאַנצען טאָג האָט מען אָבער הויפּטזעכליך נאָך צינזען, וועלכע מען האָט ביי די אידען אויף דעם שווידערליכסטען אופן געשונדען. און פאַר דער גאַנצער קאַטאָלישער וועלט, וואָס פלעגט קומען אין רוים עולה לרגל זיין, האָט עס געהייסען, אַז דער הייליגער פּאָטער האַלט נעבען זיך די פערהאַסטע אידען בלויז אַלס לעבעדיגע עדות פון דעם הערליכען טריאומף פון דער קירכע און פון דער יאָמערליכער ערנידערונג פון דער סינאַגאָג.

אַזוי האָט עס זיך געצויגען ביז ווייט אין 19טען יאָהרהונדערט אריין. די אידען האָבען אַלץ נאָך געמוזט טראָגען די געלע לאַטע, זיי האָבען אַלץ נאָך געמוזט צאָהלען די שרעקליכסטע צינזען מיט די שענדליכסטע צערעמאָניעס, יעדען אבענד פלעגט מען זיי אַלץ נאָך פערשליסען אין דער ענגער, פינסטערער, פערפּעסטעטער גהעטאָ, און יעדען שבת נאָך מיטאג פלעגט מען זיי אַלץ נאָך טרייבען אין די קירכען צו הערען די שימפּפערייען־דרשות פון משומדים־מיסיאָנערען, און מען פלעגט דאביי שטרענג אכטונג געבען, אַז זיי זאָלען האַלטען אָפען די אויערן און ניט פערשטאָפּען זיי חלילה מיט וואַטע.

און אָט דאָרט, וואו ניט לאַנג צוריק איז נאָך דער פּאַפּסט געווען דער אונבעשרענקטער הערשער און יעדער משרת זיינער האָט געקענט

אונבעשטראָפט דעם ערשטען בעסטען אידען פייניגען, אָפּ'שמד'ן, טויטען זאָגאר — דאָרט, אין דער הויפּט־שטאָדט פון דער קאַטאָלישער וועלט, זיצט איצט דאָס פּאַפּסטהום הילפלאָז, אָפּגעשלאָסען אין גהעטאָ־וואַטיקאַן, שוין ניט א גרויזאַמער טיגער, נור א קלעגליכער פוקס, מיט אויסגעריסענע נעגעל, מיט אויסגעדרייטע צייהן, און מוז אין מאַכטלאָזען גרים־צאָרן צוזעהן, ווי א איד ווערט ערוועהלט מעיאָר פון רוים, פון הייליגען, אייביגען רוים.

דאָס איז געווען פאַר אונז אלעמען א הער־ליכער סימבאָל, א גרויסער צייכען פון דער צייט, אז דער מיטעלאַלטער איז האָפנונגסלאָז פערביי — טויט, בעגראָבען און פערשאָטען. און ניט נור יעדער איד, יעדער אמת־פּאָרטגע־שריטענער, אמת־ציוויליזירטער מענש האָט עס מיט ליכטיגע פריידען בעגריסט.

דאָס אָבער, וואָס די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט האָט בעטראַכט אלס א הערליכען סימבאָל, אלס א ליכטיגען צייכען פון דער צייט, דאָס האָט די קאַטאָלישע וועלט בעטראַכט אלס א שווערע בעליידיגונג, אלס א שמערצ־ליכע פערשוועכונג. און גראַדע אין אונזער גרויסער און פרייער רעפּובליק און גראַדע ביי דעם יום־טוב פון דער ערעפענונג פון פּאַנאַמאַ־קאַנאַל האָט זיך די פּאַפּסטליכע ארמיי אויפ־געהויבען, און זי פּראָטעסטירט, פערדאַמט, באָיקאָטירט.

די ערוועהלונג פון א אידישען מעיאָר אין רוים איז אויך געווען א מין פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, א גייסטיגער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, און די פּאַפּ־סטליכע ארמיי איז דאָ ריכטיג קאָנסעקווענט.

* * *

דאָס איז געווען דער פרייער ווילען פון רוימישען פאָלק, וואָס האָט פאַר־זיבען־יאָהר נאַטהאַן פאַר'ן רוימישען מעיאָר געמאַכט. די רוימישע בירגער האָבען עס איהם ערוועהלט. די היגע קאַטאָליקען ווילען אָבער זיין רוימישער פון רוים—אז די גרויסע אַמעריקאַנער דעמאָ־קראַטיע זאָל פאַר'ן כבוד פון זייער רוים, פון אַמאָליגען מיטעל־אַלטערליך־קאַטאָלישען רוים, אויסדריקען דעם קלינגענדסטען פּראָטעסט גע־גען איצטיגען רוים, געגען פאָלק פון רוים, געגען די פרייע וואהלען פון דעם פאָלק פון רוים. זיי ווילען, אז נאַטהאַן זאָל מיט שאַנדע ארויסגעשליידערט ווערען פון דער וועלט־אויס־שטעלונג. און זיי ווילען, אז מיר אלע זאָלען עס טהאָן, אז דער פּרעזידענט, אין נאָמען פון אלע אַמעריקאַנער בירגער זאָל עס טהאָן.

דאָס איז א קופּערנע חוצפה, אן אונער־הערטע חוצפה. ווי אָבער האָט מען אין אַמע־ריקא אויף דיזער חוצפה געענטפערט?

די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע, די קאַ־פּיטאַליסטישע פּרעסע, האָט וועגען דעם א וואָרט ניט דערמאָנט. מען האָט עס פערשוויגען — שטום־פערשוויגען. עס איז אָבער א טעות צו רעכנען, אז דאָס האָט מען געטהאָן דערפאַר ווייל מען רעכענט זיך ניט מיט די קאַטאָליקען, ווייל מען איגנאָרירט זיי. דער קאַטאָליציזמוס איז גראַדע פאַר דער היגער פּרעסע דער בנימין צווישען די פערשיעדענע אמונות. וועגען יע־רען קאַטאָלישען אונזין, אפילו וועגען די קאַטאָ־לישע מופתים, רעדט מען אימער מיט אינטע־רעס, מיט ערנסט, וועגען די קאַטאָלישע פּאַראַ־דען און צערעמאָניעס — מיט בעגייסטערונג. די קאַטאָלישע קירכע האָט אימער געוואוסט ווי צו אינטריגירען די פאַנטאַזיע. דערמיט ער־קלערט מען ביז א געוויסען גראַד איהר אמאָ־ליגען גרויסען ערפאָלג ביי די האלב־ווילדע פעלקער. די פערבלענדענדע פּאַראַדען און פאַרבענרייכע צערעמאָניעס און גלענצענדע פּראַצעסיאָנען האָבען אָבער ניט פערלאָרען זייער אלטען צויבער אויך אין 20טען יאָהר־הונדערט און אין די הויך־ציוויליזירטע שטעדט פון אַמעריקא. און אימער אין אַזאַ פאַל, ווען נור די קאַטאָלישע קירכע גיט איהרע פּאָרשטע־לונגען, זיינען די אפּיקורסים, די רעדאַקטערע פון די ענגלישע צייטונגען, אפילו די פּראָ־טעסטאַנטישע, אפילו די אידישע, אלע פער־אייניגט אין איין געטליכער התלהבות.

אָט דערמאָהנען מיר זיך אָן א געוויסען יובילעאום, וואָס דער קאַטאָליציזמוס האָט גע־פייערט מיט אייניגע יאָהר צוריק אין ניו יאָרק. ווי מען איז עס דאַן אריינגעפאַלען אין עקסטאַז וועגען עפּעס א ספּאָדניצע פון דעם קאַר־דינאַל פון אירלאַנד! די וואַרע אליין, אויסער די גאָלד און בריליאַנטען, האָט בעטראָפען פיעלע טויזענדער דאָלארס. און קיין מאַשין האָט זיך צו דער ספּאָדניצע ניט צו־געריהרט. זי איז פערפערטיגט געוואָרען דורכאויס פון די הייליגע הענד פון פראַנצי־סקאַנער שוועסטער אין די מאָנאַסטירען פון רוים. און דיזע שוועסטער האָבען עס אויס־גענייט אויף איהר אין קדושה און אין טהרה די בילדער פון די 12 מדרגות פון יעזוס' ליי־דען און שטאַרבען. און אָט אין, דיזער ספּאָד־ניצע איז עס דער קאַרדינאַל ערשיענען אין דעם מאַרש פון אלע גלחים. דאָס איז געווען א גלאַררייכע פּאָרשטעלונג פון אלערליי קיר־כען־פּאַרבען און קירכען־קלאַנגען און קירכען־פּנים'ער, וואָס די נייע וועלט האָט נאָך ניט געזעהן. און דער שפּיצע איז געגאַנגען דער קאַרדינאַל מיט דער ספּאָדניצע און געפונקעלט מיט בריליאַנטען און געפלאַקערט מיט גינג־גאָלד און געשטראַהלט מיט די 12 מדרגות פון יעזוס'ס ליידען און שטאַרבען. און מען האָט נור געדאַרפט זעהן, וואָס האָט זיך דאַן אָפּגע־טהאָן וועגען דעם אין די ענגלישע צייטונגען— וויפיעל פּיידזשעס, וויפיעל לייט־אַרטיקלען! קיינמאָל האָט נאָך די פּרעסע ניט געוואוסט

פון אַזאַ טיפער רעליגיעזער ליריק. די ענגלישע שפראַך איז גענוג גאָטספורכטיג; זי האָט אָבער דאַן זיך אַליין איבערטראָפען.

טאָ פאַרוואָס איז עס איצט די ענגלישע פרעסע אַזוי שטום וועגען דער נאַטהאַן אַנגעלעגענהייט? איז דען אַ קאַרדינאַל'ס ספאָדניצע פיעל־פיעל מעהר ווערטה בעשפּראָכען צו ווערען, איידער אַ קאַטאָלישער באָיקאָט?

דער תירוץ איז: די מאַכט פון די קאַטאָליקען אין אַמעריקאַ איז זעהר גרויס. אין די פעראייניגטע שטאַאטען אַליין צעהלען זיך איצט ביי 16 מיליאָן קאַטאָליקען. אמת, פּראָטעסטאַנטען זיינען דאָ פאַראַן מעהר ווי פיער מאָל אַזוי פיעל. די פּראָטעסטאַנטישע מאַכט איז אָבער ניט אָרגאַניזירט. זי איז צוטיילט און צוברעקעלט אין אַ פּאָר צעהנדליג סעקטען און סעקטעלאַך. די קאַטאָליקען, דאַגעגען, מיט זייער גאַנצער פערשיעדענהייט פון נאַציאָנאַליטעטען, זיינען פעסט אָרגאַניזירט. זיי זיינען פעראייניגט אין איין קירכע און אין איין שטרעבונג דיזע קירכע אַלץ גרעסער, אַלץ מעכטיגער צו מאַכען.

און ניט די אַלטע ראָמאַנטישע גלאָרי פון די קאַטאָלישע קירכען, און זיכער ניט דער פאַרבענרייכער שימעל פון די קאַטאָלישע ספאָדניצעס טרייבט עס אַזוי די פרעסע אין דער פרומער שטימונג אַריין. דאָס איז די געוואַלטיגע מאַכט פון די 16 מיליאָן פעראייניגטע, פעסט־אָרגאַניזירטע מענשען הינטער די קירכען און הינטער די ספאָדניצעס, וואָס טראָגט זיך פאַר די אויגען פון די צייטונגס־ארויסגעבער, אַזוי ווי פאַר די אויגען פון די העכסטע פּאָליטישענס, און זאָטעלט אָן זייער בעגייסטערונג און פליגעלט אָן זייערע ליובגעזאַנגען.

אַנדערש איז אָבער אַזאַ ענין, ווי דער איצטיגער קאַטאָלישער באָיקאָט. דאָס קלינגט שוין גאָר ניט אַזוי אונשולדיג, ווי אַרומצושרייבען אין טיעפען ערנסט אַ מופת פון אַ הייליגען קאַטאָלישען בר מינן, אָדער ווי צו בעזינגען אין לירישע טענער אַ קאַרדינאַל'ס ספאָדניצע. די פאָדערונג צו בעזייטיגען נאַטהאַנ'ען פון דער אויסשטעלונג, וואָס די קאַטאָליקען שטעלען אַרויס, איז אַזוי פרעך, אַזוי ווילד־אומגעלומפערט, דאָס די פרעסע, אויסער די ספּעציעל־קאַטאָלישע, קען עס בשום אופן ניט שטיצען. דערמיט וואָלט מען ענדליך אַרויסגעבראַכט פון געדולד גרויסע מאַסען פון די ניט־קאַטאָלישע לעזער. און די קאַטאָליקען זעלבסט פאָדערן עס גאָר ניט. זיי דאַרפען עס ניט. די קאַטאָליקען האָבען אין אַלגעמיין זעהר ניט ליעב צו אַפּעלירען צו דער פרעסע און אַרויסצוקומען מיט זייערע פאָדערונגען אין שיין פון דער עפענטליכקייט. די „דונקעל־מענער“ האָבען גאַנץ אַנדערע און פיעל דונקעלערע וועגען און שטעגען ווי צו צוקומען צו זייערע צאָן־קדשים און איינצוהאַלטען זיי אייזען־פעסט אין די רייהען. און וואָס אָנבעלאַנגט די גרויסע פּאָליטישענס, די גרויסע פירמעס, די גרויסע קאָמערציאַנטען און פאַבריקאַנטען, אפילו די ניט־קאַטאָלישע, אפילו די אפיקורסישע — דאָס קענען די קאַטאָליקען ווידער אויף זייער אייגענאַרטיגען אופן בעזאָרגען. די פיעלע מיליאָנען קאַטאָלישע קויפער און קליענטען, וואָס קענען צו יעדער צייט מושטירט ווערען פון פאַפּסטליכען רוים, די דריי מיליאָן קאַטאָלישע וואָטערס, וואָס געהען צום שטים־קאַסטען און שטימען ריכטיג ווי דער פאַפּסטליכער רוים פערלאַנגט — דאָס איז אַזאַ אַלמעכטיגע וואַפע, וואָס נויטיגט זיך דורכאויס ניט אין דער אונטערשטיצונג פון דער פרעסע.

און פאַר די קאַטאָליקען איז פון אַ געוויסען שטאַנדפּונקט וויכטיג געווען, אז די פרעסע זאָל גראַד וואָס וועניגער רעדען וועגען באָיקאָט; דאָס וואָלט נאָך פיליכט אויפגעריסען די אויגען פון די גרויסע גלייכגילטיגע ניט־קאַטאָלישע מאַסען און אַרויסרופען איבער'ן גאַנצען לאַנד אַ מהומה און אַן אַנטי־באָיקאָט בעוועגונג.

די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פרעסע האָט באָיקאָטירט דעם קאַטאָלישען באָיקאָט. דאָס איז אָבער אַקוראַט וואָס די קאַטאָליקען האָבען געדאַרפט. דעם פאַנאַנדערגעשפּאַנטען טאַנץ פון מיטעל־אַלטער איז זיי גראַדע אם ליעבסטען צו טאַנצען אונטער פערמאַכטע לאָדען.

און פאַר אַן אָנפאַנג איז דאָס אַליין שוין אַ גרויסער זיעג פאַר דער שוואַרץ־פאַפּסטליכער אַרמיי.

* * *

עס איז פאַראַן אָבער נאָך אַ טיעפערע אורזאַכע, פאַרוואָס די הערשענדע קלאַסען, די גרויסע מיליאָנערען און זייערע דיענער — די גרויסע פּאָליטישענס און די גרויסע צייטונגס־אַרויסגעבער, זיינען אַזוי פריינדליך געניגט צו דער קאַטאָלישער קירכע. דאָס איז די האָפנונג, אַז דער קאַטאָליציזמוס וועט זיי פיעל אַרויסהעלפען אין זייער קאַמפף געגען די ערוואַכטע אַרבייטער־מאַסען. דאָס איז שוין ניט קיין מורא, נור אַכטונג, אויפריכטיגע אַכטונג. דאָס איז די אַכטונג צו דער גוט־אָרגאַניזירטע קירכע, וואָס קען איינהאַלטען אין איהר שויס די פאָלקס־מאַסען בעסער איידער אַלע אַנדערע קירכען. דאָס איז די האָפנונג, אַז דיזע קירכע, וואָס קען אַזוי גוט איינהאַלטען אין איהר שויס די פאָלקס־מאַסען, וועט זיי אויך אַזוי גוט קענען אָפּהאַלטען פון אונצופריעדענהייט, פון סטרייקס, פון סאָציאַליזם. די פורכט פאַר דער קאַטאָלישער מאַכט געהט שוין איבער אין עהר־פורכט, די יראה — אין יראת הכבוד.

עס איז נאָך געווען מאַרק האַנאַ'ס נביאות,

אז דער לעצטער קאמפף וועט דאָ אויסגעפאָכטען ווערען צווישען רעפובליקאנער און קאטאָליקען פון איין זייט און סאָציאליסטען פון דער צווייטער זייט. עס הייסט, אלע קאפּיטאליסטישע פארטייען וועלען ווערען איין פארטיי — די פעראייניגטע פארטיי פון גאָלדענעם קאלב, אלע קירכען וועלען ווערען איין קירכע — די פעראייניגטע קירכע פון שווארצען פאפּסט. און אָט געגען זיי וועט עס ענטשלאָסען ארויסטרעטען דער ערוואכטער ארבייטס־מאן.

און דעם שרייבער פון די ציילען קומט אויפ'ן זינן א בילד, וועגען וואָס ער האָט שוין פערבייגעהענדיג אמאָל דערצעהלט.

דאָס איז געווען מיט א יאָהר 8 צוריק. דער שרייבער איז געפאָהרען אין אמעריקא דורך אנטווערפּען. אויפ'ן שיף זיינען אויך געפאָהרען פיעלע מאָנאשקעס, וועלכע די געזעצע געגען די רעליגיעזע אָרדענס האָבען פערטריבען פון פראנקרייך. דאָס איז געווען בלויז א קליינער שווארצער פליגעל פון דער גרויסער שווארצער אימיגראציאָן, וואָס איז דאַן אָנגעגאנגען פון די מאָנאסטירען פון פראנקרייך נאָך אמעריקא. פראנצויזען אָבער, אפילו פראנצויזישע מאָנאשקעס, האָבען ליעב צו אימיגרירען נור אין פאריז. ווי עס האָט אויסגעזעהן, זיינען די זאָנדערבארע אימיגראנטען גאנץ אונצופריעדען געווען פון שיקזאל, וואָס האָט זיי געוואָרפען איבער ווייטע און בייזע ים'ען. א חוץ דעם אָפיציעלען אומעט, וואָס וועהט פון יעדער כלה פון יעזוס'ן, זיינען זיי טאקע געווען אויפריכטיג־מענשליך בעטריבט. שטונדען לאנג פלעגען זיי אָפּזיצען אויפ'ן דעק פון צווייטער קלאסע איינגעהויקערט, בעוועגלאָז, שטום. נור איין מאָל האָט פּאסירט עטוואָס, וואָס האָט זיי לעבעדיג אויפגעהויבען אויף די פיס און געבראכט צום פּארענטש ביים אונטערשטען דעק פון דער דריטער קלאסע.

דאָס זיינען געווען די קלאנגען פון דער „מארסעליעזע“, וואָס האָבען זיך פלוצלונג געלאָזט הערען פון דאָרטען. אידישע עמיגראנטען פון צווישען־דעק האָבען עס צוזאמענגעשטעלט א כאָר און געזונגען די אידישע מארסעליעזע. עס איז געווען א שטילער ליעבער פאר־נאכט. די לופט איז פול געווען מיט'ן פרייליכען פאר־נאכטיגען שיף־גערויש. די שטימען פון די זינגער זיינען געווען פרישע, יונגע, און זיי האָבען זיך געטראָגען וויייטוויייט איבער די מורמלענדע וועלען. די מאָנאשקעס האָבען זיך אויסגעשטעלט איבער'ן גאנצען ליינג פון פּארענטש און געקוקט און געהערט. די זינגער, פיהלענדיג אויף זיך זייערע בליקען, האָבען דאָס ליעד א צווייטען און א דריטען מאָל איבערגעזונגען. מיט א ברען, מיט בעגייסטערונג האָבען זיי געזונגען. און די מאָנאשקעס זיינען אלץ געשטאנען, נייגעריגע, פערוואונדערטע, און געקוקט און געהערט.

אן אינטערעסאנטעס בילד איז דאָס געווען, ווי די קינדער פון אידישען גלות האָבען דאָ פאָרגעטראָגען דעם אלטען פראנצויזישען רעוואָלוציאָנערען ניגון פאר די קינדער פון קאטאָלישען גלות. וואָס האָבען די הערצער אונטער'ן צלם און אונטער'ן שווארצען מאָנאסטיר־מלבוש בשעת מעשה געפיהלט? צי האָבען זיי אין די אונפערשטענדליכע ווערטער געהערט די שרעקליכע שפּראך פון שטן? אָדער די גוט־בעקאנטע מעלאָדיע האָט געוועקט אין זיי בענקשאפט נאָכ'ן ליעבען פראנקרייך, עראינערונגען פון קינדהייט, חרוב'ע האָפנונגען פון יענער זייט לעבען?

* * *

און טראכטענדיג וועגען איצטיגען באָיקאָט און מארק האנא'ס נביאות און וועגען דעם, ווי דער שיקזאל פון אלוועלטליכען אידען ווערט אלץ ענגער צוזאמענגעפלאָכטען מיט'ן שיקזאל פון אלוועלטליכען סאָציאליזם, קומט אונז אויפ'ן זינן יענע סצענע צווישען די צוויי קליינע מענשען־גרופּען, וואָס זיינען דאן געשטאנען אויפ'ן שיף איינע געגען די אנדערע. איינע האָבען געטראָגען אין אמעריקא זייער רעוואָלוציאָנערען פייער, די צווייטע — זייער גייסטיגע כמארע. און עטוואָס סימבאָליסטישעס האָט געוועהט דערפון. אין דיעזען שטילען פאר־נאכט אויפ'ן שיף אין מיטען אָקעאן זיינען עס געשטאנען איינע געגען די אנדערע די צוויי מעכטיגע אָרגאניזאציאָנען, וואָס קעמפּפען צווישען זיך צו בעהערשען די וועלט — די שווארצע אינטערנאציאָנאלע און די רויטע אינטערנאציאָנאלע.

ארום און ארום האָבען געפלוידערט, געשטיפט און געהודזשעט די עמיגראנטען — די צוקינפטיגע דעה־זאָגער איבער אמעריקא. און אונבעמערקט אין דער פיעל־שפּראכיגער הודזשעריי זיינען אלץ געשטאנען איינע געגען די אנדערע די צוויי פיינדליכע קרעפטען, וואָס וועלען אין דער צוקונפט אָנפיהרען צווישען זיך דעם קאמפף פאר דער הערשאפט איבער די גייסטער פון דיזע הודזשענדע מענשען־מאסען. און דאָס שיף האָט זיך געטראָגען מיט זיי אלעמען אלץ טיעפער אין אבענד אריין, אלץ נעהענטער צו יענע ווייטע ברעגען, וואו דער גרויסער קאמפף וועט מוזען אויסגעקעמפּפט ווערען.

(שלום קומט)

יונה ראָזענפעלד

א שפּאַס

(ערצעהלונג)

ביז היינטיגען טאָג ווייס איך ניט, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען. איך געדענק נור:

א שדכן איז מיר געקומען רעדען א שידוך פונקט אין יענער צייט, ווען איך בין פער'שכור'ט פון ליעבע געווען צו ראָזעלען. ס'איז געווען ביי אונז דער פריהלינג פון ליעבע, יענע צייט וואָס איז אנגענעהמער ס'זאָלען דערפון וואָס ווינציגער מענשען וויסען. פונקט אין יענער צייט איז עס דער שדכן צו מיר געקומען. און פערגלוסט האָט זיך מיר פון איהם חוזק מאַכען און האָב מסכים געווען צו זיין פאָרשלאַג. אין דעמזעלבען טאָג בין איך ביי מיין „בלימעלע" געווען, האָב זי ארומגעכאַפּט און פעסטער ווי תמיד געדריקט צום האַרצען, און איהר דערצעהלט:

— ווייסט, מ'רעדט מיר א כלה!

— טאַקע? — האָט דאָס ברעקעל, כמעט קינדערש, מיידעלע, אביסעל צומישט, געפרעגט, און אין איהרע גרויסע, ברוינע אויגען האָט זיך אַן אומעדיג בלישטשעל בעוויזען.

— לעבען זאָלען מיר אזוי! — און האָב זי א קוש געטהאָן אין אן אויגעל אריין.

— א שדכן געווען? — האָט די קליינע נאָך אומעטיגער געפרעגט.

— נאָך וואָס פאַר א שדכן!... פון די היינטיגע: א איד מיט א שעהנער באָרד, מיט ווייסע מאַנקעטען און א דייטשען ציגאַר אין מויל.

— נו, וואָס האָסטו איהם געזאָגט? — האָט זי מיט אונגעדולדיגער נערוועזיטעט א פרעג געטהאָן.

איך האָב שטאַרק לאַכענדיג געענטפערט:

— נו, טרעף?... וועסט קיינמאָל ניט טרעפען... קלערסט זיך אודאי, אז איך האָב איהם געוויזען די טהיר? ניין! דאָס איז פאַר מיר ווינציג געווען... ס'האָט זיך מיר געגלוסט אביסעל חוזק מאַכען פון איהם... ציה אויף... האָב איך איהם געזאָגט: אויב ער האָט אין זיין קאָלעקציע אַ קליין פּיציניונקעלע מיידעלע מיט א קליין האַרבאַטינקע נעזעלע, און גרויסע, גרויסע קאַרע אויגען, און א קינדערש מיילכין, און צוויי גראָבע שוואַרצע צעפּ...

— דאָס האָסטו מיך געמיינט? — האָט די קליינע מיט א שטיל נאַאיווער מינע געפרעגט.

— כאַ! כאַ! כאַ!...

— און וואָס וועט זיין, אז ער וועט אַזעלכע קריעגען?...

— אוי, נאַרעלע! — האָב איך ענטהוזיאַסטיש אויסגערופען — דו גלויבסט, אז ס'איז נאָך אויף דער וועלט אזעלכע ווי דו פאַרהאַן?

— און וואָס האָט דיר געזאָגט דער שדכן? — האָט זי מיט א בעהאַלטענער ניט־צופריעדענהייט געפרעגט.

— דער שדכן? וואָס זאָל ער זאָגען? „גוט", האָט ער געזאָגט.

— וועט ער, הייסט עס, נאָך קומען צו דיר?

דאָ האָב איך מיך אויף א ווײַלע פערטראַכט, ווייל וועגען דעם איז מיר שוין גאָר ניט איינגעפאַלען א קלער צו טהאָן, און האָב געענטפערט:

— ....אודאי, וואָס דען? — און זעהענדיג, אז זי איז מיר עפּעס ניט אזוי שטאַרק צופריעדען מיט דער געשיכטע, האָב איך געפונען פאַר נויטיג צו צוגעבען:

— אוי וועט עס זיין קאָמיש, אז ער וועט טרעפען צו דיר!

אין א פּאָאר טעג ארום איז געקומען דער שדכן און געזאָגט, אז ער האָט געפונען אזעלכע, ווי איך בעגעהר. בין איך באַלד אַוועקגעלאָפען צו מיין ראָזעלען און דערצעהלט:

— ראָזעניו! ער איז געווען ביי מיר, ער האָט געזאָגט, אז ער האָט געקריגען אזעלכע ווי איך וויל... אוי וואָלט איך זי א בעלן געווען אָנקוקען!?

איך האָב דערקענט אָן איהר, אז זי האָט שוין גאָר קיין חשק ניט איך זאָל „זי" געהן אָנקוקען, און האָט דאָך, זעהט אויס, אויס מורא איך זאָל ניט איבערקלערען, אז זי אייפערט מיך, מיט אַן איבערגעטריבענער פרעהליכקייט אויסגערופען:

— אַודאי!—און אין א ווײַלע ארום צו־

נעגעבען — ווען איך בין אויף דיין אָרט, וואָלט איך אויך געגאַנגען...

דעם שטאָך האָב איך פערשטאַנען, איך האָב איהם אָבער ערנסט צום האַרצען ניט גענומען; מיר האָט זיך נור געגלוסט לאַכען: ווען זי ווייסט ווי ליעב איך האָב זי!?

— ראָזעניו! — האָב איך אין א פּאָאַר מינוט ארום געזאָגט — גיב מיר נור א קוק אין די אויגען אריין... כא! כא! כא! — און זעהענדיג, אז זי איז נאָך אַלץ ניט אויפגעלעגט, האָב איך געזאָגט:

— פערשטעהסט דאָך, אז איך וועל צו איהר אין שטוב אריין ניט געהן. איך האָב אָבגערעדט מיט'ן שדכן מיר זאָלען זיך טרעפען אין פּאַרק. זי וועט זיצען נעבען דענקמאָל פון אלכסנדר דעם צווייטען און וועט האַלטען א בלימעל אין די הענד.

זי האָט אויף מיר א מאָדנעם קוק געטהאָן...

— וואָסי?...

דאָס מיידעל, מיט וועלכען איך האָב זיך אָנגעקוקט, איז מיר געפעלען געוואָרען. געפעלען אויף אזוי פיעל, אז מיר זאָל זיך ניט געלוסטען ווייטער פאָרטצוזעצען די שפּיעל, וואָס איך האָב אָנגעפאַנגען... זי איז מיר אויך געפעלען געוואָרען דערפאַר, וואָס מיין ראָזעלע איז פיעל שעהנער פון איהר, און דאָס אליין האָט מיך עפּעס אויפגעלעגט צו דעם מיידעל... איך בין געווען צו איהר אזוי העפליך, ניט ערגער ווי דאָס „אָנקוקען" זיך וואָלט פאַרגעקומען מיט אַן ערנסטען ציעל, נור מיט איין קליינעם אונטערשיעד: איך האָב ביי איהר געזוכט חסרונות (שוין גאָר ניט מעשה חתן) און וואָס מעהר איך האָב זיי געפונען, איז זי מיר אַלץ בעסער געפעלען געוואָרען...

אויף מאָרגען, קוים דערלעבט דעם זונ־אונטערגאַנג, בין איך שוין געווען ביי איהר, און אַלעס, אַלעס דערצעהלט, דערצעהלט נאָך פיעל מעהר ווי איך האָב אין דער ווירקליכקייט געהאַט צו דערצעהלען... און זי, ראָזעלע, האָט געשוויגען, האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און מיט א שטילען אומעט געקוקט אין אַן אונבעשטימטער ריכטונג, און דערקענט האָב איך אין איהר, אז זי האָט עפּעס צו זאָגען, נור האַלט זיך אָפּ.

— ראָזעניו! האָסט עפּעס צו זאָגען?

זי האָט געשוויגען. וואהרשיינליך, ניט געקענט זאָגען יאָ, און ניט געוואָלט זאָגען ניין, נור דאָס קליינע קעפּעל האָט אַן אונבעשטימטע בעוועגונג געמאַכט.

איך האָב אוועקגעלעגט מיינעביידע הענד אויף איהרע דאַרינקע הייסע בעקלעך, געקוקט אויף די אַראָבגעלאָזענע אויגען, און זיך געשטיקט פון געלעכטער... דיפּלאָמאַטיש: איך לאַך כלומרשט אין זיך, נור געוואָלט האָב איך זי זאָל הערען דאָס געלעכטער, און לאַכען האָט זיך מיר גראָדע ניט געגלוסט, ווייל איך האָב דערפיהלט, אז אין איהר הערצעל האָט זיך עפּעס פערקאָכט, און דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען איך מאַך מיר ניט וויסענדיג. האָב איך אָבער אזוי ניט געטהאָן; איך האָב איהר מיט'ן געלעכטער צו וויסען געגעבען, אז איך פערשטעה וואָס דאָרטען ביי איהר קומט פאָר, און בעזונדערס האָב איך מיך בענאַרישט דערמיט, וואָס איך האָב שוין צופיעל יענע אויסגעלאַכט... זי האָט עס שוין אַנדערש געקענט פערשטעהן... פיעל גלייכער וואָלט געווען דעם אמת: ניט קיין מיאוס מיידעל יענע... אפילו א שעהנע (טאַקע געווען א שעהנע). האָב איך אָבער ניט פערשטאַנען דעמאָלט די פרויען־פּסיכאָלאָגיע, האָב געמיינט, איך וועל דערמיט פערדרוס און איינפערזוכט ארויסרופען... זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אונצוטרויען... האָט, זעהט אויס, געפיהלט, אז איך פערשווייג עפּעס, נור זי האָט אָבער ניט געקענט וויסען פאַרוואָס, און האָט עס אַנדער געמוזט אויסטייטשען...

איך האָב דערפיהלט, אז איך בין אריינגעפאַלען...

— ראָזעלע! — האָב איך אומגעריכט פאַר זיך אליין פּלוצים אויסגערופען.

— נו? — האָט זי זיך באַלד אָבגערופען, גלייך ווי זי וואָלט מיר מיט דעם געוואָלט בעווייזען, אז ס'איז ביי איהר גאָרניט פאָרגעקומען.

איך האָב געוואָלט זאָגען: „עפּעס ביזטו מיט ניט מיט אַלעמען". נור איך האָב מיך בעטראַכט: גלייכער זיך ניט וויסענדיג מאַכען...

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט א גליהענדען פראַגע־צייכען: „נאָך וואָס האָסטו מיך גערופען, נאָך וואָס?" און איך האָב לעפּיש געקוקט אויף איהר און חוזק'דיג, פון זיך, אונטערגעשמייכעלט.

שטיל איז געווען... דאָס איז געווען איינע פון יענע שווער־דריקענדע שטילקייטען, וואָס קומען ניט פון שווייגען, נור פון ניט ריידען... א פאַרנאַכטיג טונקעלע אומעדיגקייט האָט זיך אין צימער צוגאָסען... דאָס איז געווען איינע פון יענע זומערדיגע פאַרנאַכטען, וואָס נאַגען שטיל און קרענקליך... עפּעס בענקט זיך און ווייסט ניט נאָך וואָס... עפּעס איז אַלעס וואָס אין דיר און ארום דיר אזוי ניט בעשיידען, און עפּעס דאַכט זיך: ניט דאָס וואָס ס'איז האָסטו ערוואַרטעט... פיהלסט אַן ענטטוישונג און ווייסט ניט אין וואָס... דאָס איז געווען איינע פון יענע זומערדיגע פאַרנאַכטען, אין וועלכע איך האָב מיך אַלע מאָל געפיהלט צורודערט, די נערווען

צושרויפט... איך האָב אַלע מאָל געפּיהלט עפּעס עהנליכעס אויף דעם, ווי איך וואָלט עפּעס אָנגעוואָרען, אָדער ווי אימיצער וואָלט מיך מיאוס אָבגענאַרט. נור פון דער צייט, וואָס איך האָב זי, ראָזעלען, דערקענט, פון יענער צייט, וואָס איך האָב מיט איהר צוזאַמען די פאַרנאַכטען פערבראַכט, פון דעמאָלט האָט זיך ביי מיר די שטימונג, די פאַרנאַכטיגע שטימונג, געביטען, נור דאָ זיינען איבער עפּעס, איך ווייס אליין ניט איבער וואָס, צושטערט געוואָרען די אילוזיעס... איך האָב זי ליעב געהאַט ווי פריהער, און דאָך האָט מיך עפּעס גערייצט, כאָטש איך האָב געוואוסט, אז זי איז דאָ גאָרניט שולדיג...

ס'האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט אין טהיר. איך ווייס ניט ווי זי, ראָזאַ, נור איך בין שוין זעהר צופריעדען געוועזן...

— מאָזשנאָ! — האָבען מיר ביידע מיט א מאָל אויסגערופען.

ליזאַ איז געקומען, ראָזעלעס שותפ'טע צום צימער. דאָס איז געוועזן א הויכע, געזונדע מויד, איינע פון יענע מוידען, וואָס איך האָב אזוי ניט ליעב, און אזעלכע וואָס איך געפעל אויך ניט, נור א דאַנק דעם, וואָס איך און זי האָבען ליעב געהאַט דער קליינער ראָזקען, דערפאַר האָט זיך צווישען אונז ביידע עפּעס א מאָדנע געגענזייטיגע פריינדשאַפט פערבונדען. איך האָב זי אזוי ליעב געהאַט דערפאַר, וואָס זי האָט געליעבט מיין ראָזקען, און זי מיך, דאַכט זיך, אויך...

— אָך, עטאָ ווי?! — האָט זי ענטוזיאַסטיש אויסגערופען, גלייך ווי זי וואָלט איהרען א געליעבטען דאָ פּלוצים געטראָפען — זדראַווסטוואויטע! — האָט מיר געגעבען די האַנד, נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו דער קליינער, וואָס איז געזעסען אויפ'ן דיוואַן אין ווינקעל, האָט זי מיט ביידע הענד א גלעט געטהאָן דאָס געזיכט, און איינקוקענדיג זיך אין איהר, געפרעגט:

— וואָס זיצטו עפּעס אזוי, ראָזיטשקע?

— גאָרניט. — האָט די קליינע געענטפערט.

— איך האָב אייך, דאַכט זיך, געשטערט?

— האָט זי מיט א פיעל־בעדייטענד שמייכעלע געזאָגט, שוין א קוק געבענדיג אויף מיר.

איך האָב געוואָלט זאָגען, אז זי האָט אונז גאָרניט געשטערט, נור האָב עפּעס מורא געהאַט, אז דאָס וועט מיין קליינער בעליידיגען, און האָב פון העפליכקייט וועגען געזאָגט אזעלכעס, וואָס זי, ליזאַ, זאָל ניט קענען דרינגען אויף יאָ, און אויף ניט:

— אזוי מיינט איהר?...

נאָך א קורצען דיספּוט מיט ליזאַ'ן (איך האָב אַלע מאָל מיט איהר דיספּוטירט) האָב איך מיך מיט ביידען צוזעגענט און בין גלייך אוועקגעגאַנגען אהיים. איך האָב געטראָפען דאָרטען אזעלכעס, וואָס איך האָב מיך גאָרניט געריכט צו טרעפען, און אזעלכעס, וואָס איך וואָלט מיך יאָ בעדאַרפט ריכטען — א וויזיטקאַרטע: Овсей Петровичъ Зельман — פון דער אַנדער זייט אָנגעשריבען, געוועהנליך, אויך אין רוסיש: „מיר בעטען אייך מאָרגען אַכט א זייגער אבענד אויף א טשאַשקע קאָפע“.

איך האָב גלייך דאָס קאַרטעל צוריסען אין ברעקלעך, האָב אויסגע'בטל'ט אַלס דאָס ביז צו זייערע קעפּ, צום שדכנ'ס קאָפּ, און מיין אייגענע קאָפּ אויך ניט געשאַנעוועט, האָב מיך אַנידערגעוואָרפען אויף דער שוואַרצער קיהלער קושעטקע און געלאַכט; געלאַכט פון דעם אווסעי פּעטראָוויטש, וועלכער מוז אויף אידיש זיכער הייסען פייביל און דער טאַטע זיינער פּסח; געלאַכט פונ'ם שדכן און מעהר פון זיך אליין. נור אויפ'ן מיידעל האָב איך עפּער רחמנות געהאַט, איך האָב מיך פאָרגעשטעלט, וואָס אזעלכע קען נעבעך איבערלעבען פון אזאַ „פּאַטש אין פּנים“: ניט קומען!... מאָטיווירען? וועל איך א צווייטען מאָל מורזען געהן! ניין, שוין גלייכער איצט, נאָכדעם וועל איך מיר שוין עפּעס אָבזוכען אָבצוטשעפּען זיך פון איהר...

איך האָב דאָרטען געהאַט זעהר א פיינע אויפנאַהמע, אזאַ אויפנאַהמע, וואו מ'איז זיכער, אז ס'וועט שוין עפּעס זיין פונ'ם שידוך. און געפיהלט האָט זיך יענע אינטימע פריינדליכקייט, ווי מ'קען נור פיהלען צו אזעלכען, וואָס איז נאָך דערווייל פרעמד, נור וואָס מ'איז זיכער, אז ער וועט דיר שפּעטער ווערען אייגען... געהענדיג אהינצו האָב איך געטראַכט זיך צו האַלטען דאָרטען, אזוי ווי יעדער איינציגער האַלט זיך ביי זיך אליין. ס'הייסט אָהן יענע בעזונדערע ספּעציפיש־געסטליכע מאַניערען, וואָס א חתן מוז בעזאָנדערס האַלטען, און געמיינט דערמיט ניט צו געפעלען ווערען. האָב איך עס אָבער ניט געקענט, און בעזונדערס ניט געקענט דערפאַר, וואָס איך האָב אויף קיין מינוט ניט פערגעסען, אז איך טהו דאָ א געמיינע זאַך, און נור דערפאַר, זעהט אויס, האָב איך מיר שוין געמוזט האַלטען ווי א חתן ביז'ן סוף, ס'הייסט, איך האָב געטהאָן דאָס, וואָס איך האָב געמיינט, אז א חתן בעדאַרף עס צו טהאָן: איך האָב זי נאָכ'ן וויזיט איינגעלאַדען צום שפּאַציער.

ס'איז געוועזן ארום צעהן א זייגער. אין דער נאַכט האָט זיך נאָך געשפּירט דער נאָרוואָס אוועקגעהענדער טאָג, ווייל דאָרטען צו מערב צו איז דער הימעל בלייך געוועזן, בלייך ווי אין דער פריה אין מזרח פאַר זון־אויפגאַנג, און אין דער לופט האָט זיך געפיהלט יענע

נודנע היץ, וואָס פיהלט זיך אין אַלע זומערדיגע פאַרנאַכטען אין די גרויסע שטעדט, פון די שטיינערנע הייזער און טראָטואַרען.

דער ערשטער געדאַנק, וואָס מיר איז איינגעפאַלען, ווען איך בין מיט איהר ארויס אויפ'ן גאַס, איז געווען: „וואָס וועט זיין, אַז איך וועל זיך בעגעגענען מיט מיין ראָזקען?“ און ס'האָט מיך אַזאַ פערדרוס דורכגענומען צו דער, אַז מיר האָט זיך געגלוסט צו לאָזען זי שטעהן אין מיטען און אַנטלויפען אָהן א „זיי־געזונד“. נור איך האָב עס ניט געטהאָן, און אום כדי זיך ניט ארומצודרעהען מיט איהר אין גאַס, האָב איך שוין געפונען פאַר בעסער זיך דורכפאָהרען מיט איהר אויף א דראָזשקע, וואו עס איז ניט אזוי לייכט צו בעמערקען א מענשען ווי דאַן, ווען ער געהט אויפ'ן טראָטואַר.

מיר זיינען געפאָהרען גאַס אויס, גאַס איין, געפלויגען ווי די שוואַרציאָהרען, און דערפאַר, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך האָב אי דאָ, אי דאָרטען, מיין ראָזעלען בעמערקט, וואָס אזעלכעס איז געווען אונמעגליך, דערפאַר האָב איך מיך געלאָזט איינריידען, אז זי האָט מיך ניט דאָ און ניט דאָרטען געזעהן. און איך האָב מיך בערוהיגט, און געוואָרען איז מיר, צו ביסלעך, אזוי פריי אויפ'ן האַרצען, אז ס'האָט זיך מיר פערגלוסט אביסעל זיך לוסטיג מאַכען איבער מיין בעגלייטערין, און איך האָב מיך האַרט צוגערוקט צו איהר... לאָז זי מיינען... אָבשטויסענד איז עס מיר ניט געווען און, זעהט אויס, אז דערפאַר האָב איך געמיינט, אז דאָס איז ווינציג פון איהר חוזק געמאַכט... האָב איך זי ארומגענומען ביי דער טאַליע... אַלץ ווינציג... האָב איך זי געגעבען א שטאַרקען דריק צו זיך, און האָב אויסגערופען:

— איך האָב אייך ליעב!...

דאָס איז שוין גענוג געווען... ערשט נאָכדעם, האָב איך דערפיהלט, אז איך מאַך פון איהר חוזק, און ס'איז מיר עפּעס גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, גלייך ווי איך וואָלט אַנטקעגען עמיצען מיין געוויסען ריינגעוואַשען, און מיר איז שוין טאַקע גאָרניט שלעכט געווען מיט איהר צו פאָהרען. איך בין טאַקע אויף אַן אמת אויפגעלעגט געוואָרען צו איהר דערפאַר... דערפאַר וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבען אין אַזאַ שטאַרקע פאָרם זי אויסצולאַכען, און... איך האָב שוין צו איהר גאָרניט געהאַט, און דערפאַר האָב איך שוין מיט א ריינעם געוויסען און אָהן חוזק אין עטליכע מינוט ארום געזאָגט:

— העליענאַ אווסעיעוונאַ!... איך האָב מיך נאָך קיינמאָל אזוי גוט ניט געפיהלט, ווי איך פיהל מיך איצט! — מיר האָט זיך געדאַכט, אז נאָך די חוזק־ווערטער: „איך האָב אייך ליעב“, קען איך שוין אַלעס פריי, מיט א ריינעם געוויסען, מיט איהר רעדען און טהאָן, וואָס מיין האַרץ וועט געלוסטען... אזוי זיכער בין איך שוין אין מיין ליעבע צו רייזעלען געווען, אזוי זיכער בין איך שוין געווען, אַז אַלעס וועט געהן אויפ'ן רעכנונג פון די אויבענדערמאָהנטע ווערטער, אז... איך האָב זי אפילו א קוש געטהאָן...

זי האָט געשוויגען, גלייך ווי זי וואָלט עס שוין לאַנג ערוואַרטעט, זי האָט נור א מורמעל געטהאָן: „אין מיט'ן גאַס?“ און איך? איך האָב דערפיהלט, אז איך האָב איבערגעכאַפּט די מאָס, אז איך האָב שוין געטהאָן עפּעס איבעריגעס, אזעלכעס, וואָס כ'וואָלט ניט געדאַרפט טהאָן. עפּעס האָב איך דעם קוש ניט געקענט צונויפקנעטען מיט'ן חוזק־מאַכעריי, עפּעס איז ער בעזונדער געשטאַנען, און... ס'האָט מיך שוין פערדראָסען... ס'האָט מיך פערדראָסען אויפ'ן מיידעל... פערשוואונדען איז פון מיר צו איהר יענע לייכטע גוטמוטהיגע שטימונג, וואָס איך האָב פריהער, פאַר'ן קוש, געפיהלט צו איהר... עפּעס איז מיר שווער געוואָרען, און האָב עפּעס א מין האַס דערשפירט צו איהר, און שטאַרקער, מיט מעהר פיבער ליעב געקריגען מיין ראָזעלען...

איך האָב אָנגעקלאַפּט דעם איזוואָשטשיק אין פּלייצע און געהייסען פאָהרען צוריק אהין, וואו מיר האָבען זיך אויפגעזעצט, און אזוי ווי איך האָב דאָס געטהאָן באַלד נאָכדעם ווי איך האָב זי א קוש געטהאָן, האָט זי מיט א שוויי־גענדיגער פערוואונדערונג געקוקט אויף מיר. איך האָב געפיהלט איהרע אויגען אויף מיין פּראָפיל, און האָב אין דעם עפּעס א נקמה געפיהלט. איך בין געווען אזוי צוטראָגען, אז איך האָב גאָר ניט געהערט ווי דער איזוואָשטשיק איז שטעהן געבליבען, און ווייס ניט ביז היינטיגען טאָג וויפיעל צייט איך בין נאָכדעם געזעסען. איך ווייס נור, אז איך האָב זי, „מיין כלה“, שוין דערזעהן שטעהן נעבען דער דראָזשקע, ווען איך בין נאָך אַלץ געזעסען פון אויבען.

איך האָב מיך געזעגענט מיט איהר און עפּעס ווי דורך א פרעמדען ווילען זי א קוש געטהאָן אין האַנד, און האָב מיך עפּעס שרעקליך בעליידיגט געשפירט און א חשק האָט מיך אָנגענומען, דערפאַר, זי צו בעליידיגען... זאָגען איהר א גראָב וואָרט און, מעגליך, איך וואָלט געווען געזאָגט, ווען דער דוואָרניק וואָלט ניט אונטער מיין נאָז דעם אייזערנעם טויער צוגעקלאַפּט. און דערשפירט האָב איך מיך אזוי איינזאַם, בין געווען אזוי אויפגערעגט, ווי א וואָלף, וואָס פערליערט, פּלוצים, אין די ליידענשאַפטליכע מינוטען, די "זי„ זיינע...

איך בין געשטאַנען עטליכע מינוט, ניט געוואוסט וואוהין צו געהן, גלייך איך וואָלט נור־וואָס פון דער באַהן אהערצו אראָבגעפאָהרען.

ס'איז שוין געווען נאָך עלף. די גאַס איז שוין שיטער געווען פון מענשען, און געשפּירט האָט זיך, אז עס דערנעהענט זיך די נאַכט פון שלאָפען, און געדאַכט האָט זיך, אז דער ברייט־ברוקירטער פּאַס ערד האָט זיך איצט עפּעס נאָך לענגער און ברייטער אויף נאַכט־לעגער צוצוויגען, אָבצורוהען די פּלייצע פון די הונדערטע געשמידטע רעדער, וואָס קייקלען זיך איבער אין דעם גרויסען. ווייט־פּערגאַנגענעם זומערטאָג. ערגעץ־וואו האָט זיך פון אונטער א קוימען פון א פינף־שטאָקיג הויז די לבנה בעוויזען. א מאָדנע לבנה, וואָס האָט גאָרניט געשיינט, וואָס איז אין ערגעץ, ניט אויפ'ן הימעל און ניט אויף דער ערד, פון איהר ליכטיג ניט געווען... א לבנה — פּונקט ווי מיר אויפ'ן הארצען... אהיים געהן האָט זיך מיר ניט געגלוסט... איך האָב ניט געקענט געהן שלאָפען, פּונקט ווי איינער, וואָס לעגט זיך אַלע מאָל שלאָפען א זאַטער, דאַרף זיך איינמאָל א הונגעריגער לייגען. איך בין דאָך אַלע נאַכט געקומען מיט א זאַטער נשמה, מיט א זאַפטיג הארץ... און איצט האָב איך מיך געפיהלט ווי איינער, וואָס האָט געכאַפּט פון גרויס הונגער א גראָבען ביסען, און ער פיהלט שוין דערנאָך ניט דעם הונגער, נור א נאָגענדע פּוסטקייט...

— דאָס לעצטע מאָל דיר! — האָב איך אויף א קול געזאָגט, וואַרפענדיג אן אָבשטויסענדען קוק אויף דער טויער, וואו „זי“ איז פערשוואונדען געוואָרען, און האָב געטראַכט: „מעהר וועסטו מיך שוין ניט זעהען!“. און האָב מיך געלאָזט געהן אהין, וואוהין איך בין מיט'ן פּנים געשטאַנען.

אָבגעהענדיג א שטיק וועג האָב איך פון ווייטען א בעקאַנטע שטים דערהערט... ליזעס קול. מיט א הויכען־יונגען מאַן אונטער'ן אָרם איז זי געגאַנגען און האָט זיך עפּעס אזוי ווי געבייזערט... דוקא ניט דיספּוטירט אזוי ווי מיט מיר... פּשוט'ע, נאַרישע ווערטער גערעדט, און דאָך איז זי עפּעס אזוי אויפגערעגט געווען, און איך, איך האָב מיך אזוי דערפרעהט מיט איהר, אז איך האָב גאָרניט איבערקלערט און אויסגערופען:

— ליזאַ!

— אדאָלף?!

— איך!

און איידער נאָך איך האָב בעוויזען צוגעהן צו איהר, האָט זי זיך מיט יענעם געזעגענט, האַסטיג צוגעלאָפען צו מיר, מיך געכאַפּט אונטער'ן אָרם און אויסגערופען:

— קומט, איהר וועט מיך אָבפיהרען אהיים!...

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען, ליזיטשקאַ!

און ביידע, איך מיט איהר, ווייטע און פרעמדע איינס פון דאָס צווייטע, וואָס יעדער בעזונדער האָט פון צווייטען און פון דער צווייטער ניט געטראַכט, זיינען מיר זיך געגאַנגען אזוי איינגעקלעפּט איינער אין דעם צווייטען ווי... איך וואָלט געזאָגט, ווי א פערליעבט פּאָרל; נור א פערליעבט פּאָרל וועט קיינמאָל זיך ניט קענען אזוי פּראָסט, אזוי הארציג זיך צונויפרעדען... רעדען אַלץ, וואָס ס'פליהט אריין אין מויל אריין.

ליזאַ! — האָב איך אויסגערופען, ווען מיר זיינען שוין נאָהענט פון טויער געווען — איהר זיינט אזאַ טהייער מיידעל!

און זי האָט מיר גלייך מיט דעמזעלבען געענטפערט:

— און איהר זיינט אזאַ וויאוילער בחור!

— לאָמיר זיך צוקושען! — האָב איך געזאָגט, גלייך, ניט געקלערט. און זי האָט אויפ'ן אָרט דאָס פּיסקעל אויסגעצויגען, און מיר האָבען זיך צוקושט.

מיר האָבען זיך הערצליך געדריקט די הענד, איידער זי איז אריין אין טויער, און איך האָב גאָר ניט געפיהלט, אז איך זאָל דאָ האָבען עפּעס איבריגעס געטהאָן...

— גריסט ראָזעלען! — האָב איך איהר נאָכגעשריגען נאָכדעם, ווי דער דוואָרניק האָט שוין פון יענער זייט דעם טויער פערשלאָסען.

— גוט! — האָט זי געענטפערט...

— ראָזאַ אין דער היים? — האָב איך געפרעגט איהר קליין שוועסטער'ל, וואָס האָט מיר די טהיר געעפענט.

— אין דער היים, — האָט זי געענטפערט

— נור זי איז עפּעס ניט געזונד.

— ניט געזונד?!... ליעגט?

די טהיר פון ראָזעלעס צימער האָט זיך געעפענט און בעוויזען האָט זיך ליזעס פּנים, אזאַ ערנסטער, כמעט א בייזער. איך האָב מיך טיעף, כמעט מיט עהרפורכט פערנייגט פאַר איהר, ווייל געפיהלט האָב איך, אז רייזעלע'ס שלאַפקייט און איהר בייזקייט מוז עפּעס האָבען צו טהאָן מיט מיר.

— מ'קען אריינגעהן?

—איהר קענט אריינגעהן! — האָט זי מיר קאַלט געענטפערט.

זי איז געלעגען אויפ'ן דיוואַן א שטילע און טיעף־שווייגענדיגע, מיט א פערבונדען קעפּעל, און די אויגען האָבען אזוי פיבעריש געגלאַנצט! נעבען איהר איז געזעסען די מאַמע איהרע, און איך מוז מיר מודה זיין, אז איך בין גראַד שטאַרק צופריעדען געווען, וואָס איך האָב זי, דער מוטער, דאָ געטראָפען. זי האָט מיר פריינדליך געענטפערט אויף מיין „גוט־מאָרגען“ און מיך געבעטען זיך זעצען. און זיי ביידע, ליזאַ מיט ראָזען, האָבען אזוי האַרט, פערביסען, געשוויגען, אז זיי האָבען גערייצט די נערוועז מיינע.

אויב מיין געהער האָט מיך ניט אָבגענאַרט, האָב איך, אויפהויבענדיג זיך אויף די טרעפּ, געהערט אז מ׳האָט דאָ געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ, וואָס שטעהט דאָ אין צימער, — שאָפּענ׳ס טרויער־מאַרש; שפּיעלען, דאָס האָב איך זיכער געהערט, נור איך האָב ניט געוואוסט צי דאָ, צי ערגעץ אַנדערש; נור ארייַנקומענדיג אהערצו האָב איך כמעט ווי אָנגעשמעקט דעם ריח פון דעם טרויעריגען מאַרש... איך האָב געפיהלט, אז די שוואַרצע טענער האָבען זיך נאָך דאָ ניט אין גאַנצען צונויפגעמישט מיט דער האַלב־דונקעלער פאַרנאַכטיגער לופט. די פּיאַנאָ איז געווען אָפען, און אומעדיג־שטיל האָבען זיך געבלייכט די קלאַווישען פון דער בלאַנקענדיג־שוואַרצער פּיאַנאָ ארויס.

— פאַרוואָס צינדט מען קיין פייער ניט אָן? — האָב איך געפרעגט, און ווי אַן אָבגעשמיסענער געשטאַנען אין מיט׳ן צימער און זיך געפונען בעליידיגט פון דעם, וואָס ניט ראָזאַ און ניט ליזאַ האָבען מיך ניט געבעטען זיצען, נור די אַלטע...

— ראָזעטשקע וויל ניט קיין פייער! — האָט די לעצטע געענטפערט.

— וואָס עפּעס ראָזאַ! — האָט ליזאַ כמעט ווי אָנגעשריען אויף איהר — איך וויל ניט!...

קלוג ווי דער טאָג, אָט די ליזאַ! . . . געניאַל!...

אין עטליכע מינוט ארום האָט די מוטער פערלאָזען דאָס צימער, און איך? אַך, וואָס פאַר א טובה זי וואָלט מיר געטהאָן, ווען זי רופט מיך מיט זיך, איך האָב מיך אזוי שלעכט דערפיהלט בלייבענדיג אַליין מיט זיי...

— וואָס איז דיר, ראָזעניו? — האָב איך געפרעגט צוגעהענדיג צו איהר, און ארויפלעגענדיג מיין האַנד אויף איהר הייסען קעפּעל.

— גאָרניט! — האָט זי גלייך געענטפערט — דער קאָפּ טהוט מיר וועה...

אַלע אבענד, ווען איך בין געקומען צו ראָזאַ׳ן, פלעגט ליזאַ, ווען זי איז נור געווען, דורך פערשיעדענע תירוצים פערלאָזען דאָס צימער... איצט האָט זי עס ניט געטהאָן, פון וואָס איך בין דוקא צופריעדען געווען, ווייל מיט איהר אַליין, מיט ראָזקען, וואָלט מיר נאָך ערגער געווען, און זעהט אויס, אז איהר וואָלט ניט געווען בעסער, האָט זי עס זיכער פריהער בעוואָרענט: געבעטען ליזען זי זאָל ניט אַוועקגעהן.

איך האָב זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר. זי א גלעט געגעבען, און אין א פּאָאר מינוט ארום געפרעגט:

— דער קאָפּ טהוט דיר וועה?...

מיט דעם האָב איך איהר געוואָלט געבען צו וויסען, אז איך גלויב איהר ניט אז דער קאָפּ טהוט איהר וועה... ס׳הייסט, איך האָב יאָ געגלויבט, נור געפיהלט, אז צוזאַמען מיט׳ן געזאָגטען איז עפּעס פערשוויגען געוואָרען... איך האָב געשפּירט, אז מיט׳ן אמת איז געמיינט געוואָרען צו זאָגען א ליגען, און איך, זייענדיג די סיבה אי פון דעם געזאָגטען, אי פון דעם פערשוויגענעם, האָב מיר שוין עפּעס אזוי געפיהלט, ווי איך וואָלט טאַקע אויף אַן אמת עפּעס אָבגעטהאָן אַזעלכעס, וואָס איך דאַרף מיך שלעכט פיהלען...

אין צימער איז אַלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרען, און ענדליך איז געבליבען שטעהן א גרוי פינסטערניש, יענע גרויע פינסטערניש, וואָס קען נור געבען אין די גרויסע שטעדט אין די הייזער, א דאַנק דעם, וואָס אין דרויסען ברענען הונדערטע לאַמטערען, און דאָרטען, אויף א קורצען שטח פון דיר, וואו דו זאָלסט זיך ניט געפינען, זעהסטו כסדר ווי פון א ווייטער שרפה א ראָז־בעלויכטענעם שטיק הימעל, וואָס ליגט כמעט אויף די הייזער, און א דאַנק דעם ווייסען ניט די צעהנדליגע טויזענדער מענשען, וואָס ווערען אין א גרויסער שטאָדט געבוירען, ווי פינסטער א נאַכט קען זיין... צוזאַמען מיט דער דונקעלהייט אין צימער איז די שטילקייט געוואַקסען, און וואָס עס איז אַוועקגעגאַנגען לענגער א מינוט, האָב איך געפיהלט, ווערט דאָס אונבעשטימטע דריקענדע, וואָס האָט זיך פערדרעהט צווישען מיר און רייזעלען, אַלץ שאַרפער און פיינליכער. און געפיהלט האָב איך, אז דאָס וואָס איז נאָך מעגליך געווען פריהער מיט עטליכע מינוט צו פערכאַפּען, איז שוין איצט אונמעגליך; און שפּעטער וועט שוין אונמעגליך זיין דאָס, וואָס מ׳קען נאָך איצט פערריכטען. און איך האָב דאָך ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן... ס׳האָט מיך געשטיקט... איך האָב געפיהלט, אז די, וועלכע ליעגט נעבען מיר, געהט פון מיר אַוועק... אז איהר נשמה, איהר האַרץ דערווייטערט זיך פון מיר... געהט אַוועק אין א פאַר מיר אונבעוואוסטער ווייטער ווייטקייט, און ניטאָ קיין מיטלען מיט וואָס זי אָבצוהאַלטען...

— ליזאַ! — האָב איך אויסגעשריגען מיט א ציטעריגער שטים — איך בעט אייך, שפּיעלט מיר עפּעס א טרויעריגעס... שפּיעלט מיר שאָפּענ׳ס טרויער־מאַרש...

ביידע האָבען זיך פערוואונדערט איבערגעקוקט, און אין א ווײַלע ארום האָט ליזאַ מיט א ביטערע איראָניע געפרעגט:

— ווער איז ביי אייך געשטאָרבען?...

איך בין צוגעלאָפען צו איהר, געפאַלען אויף די קניה און אויסגערופען:

— ליזאַ, שפּיעלט!... ליזאַ איך וועל באַלד פּלאַצען דאָ אויפ׳ן אָרט! — געכאַפּט די הענד איהרע, און שטאַרק געדריקט צו מיין

הייסען שטערען, און וויטליך הינטער מיין פּלייצע האָב איך דערהערט א שטיל איינגעהאַלטען כליפּען...

איך בין א פּאָאר טעג פון שטוב ניט ארויס. די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר מיר אין א טרויער פערהילט... איך האָב ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר און ארום מיר טהוט זיך. איך בין ווי א טיגער אין שטייג ארומגעלאָפען איבער'ן צימער, און פונקט ווי דיזעלבע חיה, וואָס איז אָבגעזעסען יאָהרען־לאַנג פערשפּאַרט אין א שטייג און דאָך הערט זי ניט אויף צו זוכען און צו שמעקען דיזעלבע ערטער, וואָס זיינען שוין טויזענדער מאָל דורכגעשמעקט און געפּרובט געוואָרען צו מ'קען זיך פון דאָרטען ארויסרייסען, אזוי האָב איך אָהן אן אויפהער געטראַכט ווי זיך ארויסצופּלאָנטערען פון דער נעץ, וואָס איך האָב אליין אונטער מיינע פיס פערשפּרייט, און צעהנדליגער מאָל געקומען צו איינע און דיזעלבע מיטלען, וואָס איך האָב זיי אזוי פיעל מאָל אָבגעוואָרפען פון זיך, ווייל זיי האָבען ניט געטויגט. קיין רייד וואָלט דאָ אויף קיין פאַל ניט געהאָלפען. צי וואָלט רייזעלע געקענט פערשטעהן און בעגרייפען, אז גלאָזט האָב איך מיך דאָ פערדרעהען נור דערפאַר, וואָס איך בין שוין צו זיכער אין מיין ליעבע צו איהר געווען; דערפאַר, און נור דערפאַר, וואָס איך האָב זי שוין צו שטאַרק געליעבט. און פיליכט האָב איך עס שוין גאָר ניט געטהאָן צוליעב דעם... פיליכט האָט זיך דער טייפעל אין אונזער הייסער הייליגער ליעבע מתקנא געווען און האָט מיר איינעם פון זיינע שליחים, אלס שדכן אין געשטאַלט פון א אידען מיט א שעהנער באָרד, אונטערגעשיקט. צו בין איך גלאַט ניט ביי די געדאַנקען געווען?

אויפ'ן פיערטען טאָג האָב איך אָנגעשריעבען א בריוועלע צו ליזען:

„טהייערע פיעל געשעצטע מאדואמאזעל ליזאַ!

איך בעט אייך קומען צו מיר. שוין דער פיערטער טאָג ווי איך געה פון שטוב ניט ארויס... איך בין קראַנק... קומט צו געהן. איך האָב מיט אייך זעהר פיעל וויכטיגעס צו שפּרעכען...

אייער טרייער אדאָלף".

דעמזעלבען טאָג אין אבענד האָב איך פון „מיין כלה" א בריעף בעקומען, אין וועלכען זי האָט ארויסגעזאָגט איהר שטאַרקע פערוואונדערונג דערמיט, וואָס איך לאָז זי אזוי לאַנג וואַרטען מיט מיין צווייטען וויזיט. איינצייטיג האָט זי מיר, מיט אן איינגעהאַלטענעם טאָן, געגעבען אָנצוהערעניש, אז זי איז אין מיר פערליעבט און גלויבט אין מיין געגענזייטיגקייט... מיט פינטעלעך.

איך האָב גלייך געוואָלט דעם בריעף צורייסען, נוה עפּעס האָט מיך אָבגעהאַלטען. איך האָב עס מורא געהאַט צו טהאָן; עפּעס האָט זיך מיר נעבעלדיג געדאַכט, אז אויב איך וועל זי אָפּלאָזען, דאַן פערליער איך יענע אין גאַנצען... דורך אן אונפערשטענדליכער קאָמבינאַציע אין קאָפּ האָט זיך מיר געלאָזט גלויבען, פונקט ווי איינער וואָס טרינקט זיך און האַלט זיך מיט א גראָז אין האַנד, וואָס ער האָט ערגעץ אונבעוואוסטזיניג אויסגעריסען און ער האַלט עס אינסטינקטיוו פעסט אין דער האַנד, אזוי האָט זיך מיר געלאָזט גלויבען, אז אויב איך וועל די אָבשטויסען, פערליער איך דאַן יענער, רייזעלען, זיכער... נאָך א לאַנגען ישוב־הדעת האָב איך איהר געשריעבען פאָלגענדע עטליכע ווערטער:

„ליעבע און טהייערע העליענקאַ!

איך גלויב, אז איך דאַרף זיך פאַר אייך ניט פערענטפערען... איהר מוזט זיכער פיהלען, אז מיין ניט זיין ביי אייך האָט א געוויסען גרונד, וואָס בערעכטיגט מיין ניט בעזוכען אייך, נאָך יענעם אבענד, וואָס וועט קיינמאָל ביי מיר ניט פערגעסען ווערען... און וויבאַלד עס וועט נור בעזייטיגט ווערען דאָס, פאַר וואָס איך בין ביז אהער ניט געווען ביי אייך, קום איך גלייך אויף אָדלער־פליגעל צו אייך צופליהען...

אייער אדאָלף".

— ביזט א נידערטרעכטיגער מענש! — האָב איך צו זיך אויסגעשריגען, אויפהויבענדיג א פעסט־צונויפגעדריקטען פויסט איבער מיין קאָפּ... צורייס דעם בריעף!... נור איך האָב איהם ניט צוריסען. אין א שעהנעם קאָנווערט האָב איך איהם אריינגעלעגט און „אוועקגעלאָזט" א שעהנעם און ריינעם אדרעס און ווי איך וואָלט מורא געהאַט איך זאָל איהם דאָך ניט צורייסען, האָב איך גלייך אָנגעקלונגען און איבערגעגעבען דער דיענסט זי זאָל איהם שוין געהן אריינוואַרפען אין פּאָסט־קעסטעל.

אויף מאָרגען האָב איך א גאַנצען טאָג געוואַרט אויף ליזען, נור זי איז ניט געקומען. האָב איך פאַרנאַכט א צווייט בריוועלע אָנגעשריעבען צו איהר מיט דעמזעלבען נוסח: „ליזאַ, איך בעט רחמים, קומט צו געהן!"... אליין אריינגעוואָרפען דעם בריעף און אוועק... וואָס זאָג איך אוועק! — ס'האָט מיך אוועקגעטראָגען אהין, צו העליענקען... געקומען, קיינעם חוץ איהר ניט געטראָפען.

— א גוט אבענד!...

זי האָט ניט געענטפערט, נור געפרעגט, א פליעסק געבענדיג מיט די הענד:

— וואָס איז אייך?

אַך, ווען איך וואָלט געהאַט א פּיסטאָלעט ביי זיך!... איך האָב געענטפערט:

— קראַנק!... קוים זיך דערשלעפּט צו אייך... ניט געקענט לענגער...

זי האָט מיך גענומען אונטער דער האַנד, אַריינגעפיהרט אין זאַל און אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענסטער, וואו עס איז געשטאַנען א גרויסע טויטע פּאַלמע, און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען מיר, און געקוקט אויף מיר מיט גליהענד שרעקענדיגע אויגען . .

— העליענאַ ! — האָב איך אין עטליכע מינוט אַרום אויסגערופען — העליעניטשקאַ !... איך בין קראַנק !...

זי האָט זיך אָהן לשון אָנגעהויבען דרעהען אויפ׳ן בענקעל, ניט געוואוסט צי זאָל זי זיך צוּרוקען צו מיר, צי פערקעהרט, זיך דערווייטערען, האָט מיט ציטערדיגע אַפּלען און מיט נערוועז־צושראָקענע בעוועגונגען געקוקט אויף מיר, קענטיג עפּעס געוואָלט זאָגען, נור ניט געוואוסט וואָס, און איך האָב נאָך א קורצער פּויזע ווידערהאָלט דיזעלבע ווערטער :

— העליעניטשקאַ !... איך בין קראַנק !... איך בין קראַנק פון ליעבע... רוק זיך צו... נעהענטער... נאָך נעהענטער, אָט אַזוי... נעהם מיך אַרום !... דריק מיך צו דיין ברוסט... אָט אַזוי, שטאַרקער, שטאַרקער... ראָזעניו !...

מיין קול איז איבערגעריסען געוואָרען, און זי האָט זיך, ווי מ׳וואָלט זי אָבגעבריהט, זיך געטהאָן מיט׳ן בענקעל א רוק אָפּ, און האָט לאַנג געקוקט אויף מיר און איך אויף איהר מיט גרויסע, גרויסע פערגליווערטע פראַגע־צייכענס אין די אויגען... — — —

אויף מאָרגען איז ליזאַ געקומען צולויפען און בלאַס און צושויבערט פון כעס געזאָגט :

— איך האָב אייער ערשטען בריעף אויך ערהאַלטען, נור איך האָב ניט געוואָלט קומען צו אייך... יענע האָט מיך בעשוואָרען איך זאָל אייך גאָרניט פירהאַלטען, נור איך קען ניט, איך מוז אייך זאָגען, אז דאָס איז א נידער־טרעכטיגקייט... איך האָב מיך ניט געריכט אויף אייך !...

זעהט אויס איך האָב געשמייכעלט, ווייל זי האָט מיך פּלוצים א פרעג געטהאָן :

— וואָס שמייכעלט איהר ?!! — איך האָב עס שוין גאָרניט געפיהלט.

א לאַנגע פּויזע. מיר האָבען ביידע גע־האַט פיעל צו רעדען און געשוויגען. איך האָב דערקענט אין איהר, אז זי וויל מיר עפּעס שאַרפעס זאָגען, ס׳זאָל מיך שטעכען, שניידען, און ענדליך געטראָפען וואָס צו זאָגען :

— ראָזאַ ליעגט אויפ׳ן טויטען בעט...

— ... ראָזאַ ???

זעהט אויס, אז זי האָט זיך שוין גאָרניט געריכט, אז דאָס וועט אויף מיר אַזאַ שרעקליך איבערראַשענדען איינדרוק מאַכען, און זעהט אויס, אז איך האָב פון דער בשורה אַזאַ פּנים בעקומען, אז זי האָט זיך שוין פאַר מיר דער־שראָקען, האָט אויסגעשטרעקט די הענד, און צומישט געפרעגט :

— וואָס איז מיט אייך ?...

איך האָב מיך אָהנמעכטיג אַראָבגעלאָזט אויף דער קושעטקע, און חליפענדיג געשטאַ־מעלט :

— ליזאַ, איך וועל ניט לעבען אָהן איהר!...

— אַדאָלף !... וואָס טהוט זיך דאָ צווי־שען אייך ?...

ווען איך האָב מיך אביסעל בערוהיגט, האָב איך אַלעס, אויף וויפיעל ס׳איז מעגליך געווען, דערצעהלט. זי האָט מיך זעהר אויפמערקזאַם אויסגעהערט, און ווען איך האָב געענדיגט, האָט זי מיט א טיעפער פערטראַכטקייט געזאָגט :

—... אַלץ איינס... איך פערשטעה אייך און גלויב אייך, אָבער זי וועט אייך ניט פערשטעהן און ניט גלויבען... אפשר פריהער... איצט איז שוין זיכער פערפאַלען... צו טהייער וועט אייך דער שפּאַס קאָסטען... צו טהייער וועט איהר פאַר איהם בעצאָהלען... קומט מיט מיר צו איהר... זי איז געפעהרליך שלאַף... נור איך זאָג אייך איהר זאָלט גאָרניט רעדען... ווייל איהר וועט נאָך ערגער מאַכען...

איך האָב זי כמעט ווי ניט דערקענט. דאָס פּנים׳ל איז קלענער און בלאַסער געוואָרען. די אויגען גרעסער און די האָהר שוואַרצער און געדיכטער — א מלאך פון הימעל. מיר האָט זיך איינמאָל ניט איינגעגעבען צו בלייבען מיט איהר אַליין. אך ! וויפיעל מאָל מיר האָט זיך געגלוסט אַראָפּלאָזען זיך אויף די קניה און שטום בעטען ביי איהר פערצייהונג, שטום בע־גיסען דאָס הימעל־געזיכט מיט מיינע הייסע טרערען, וואָס האָבען מיך געשטיקט און גע־וואָרגען אין האַלז...

— — — — — — — — — — — — —

פון דער שלאַפקייט איז זי אויפגעשטאַנען. נור א נייע, א שטילע לאַנגזאַמע קרענק האָט אָנגעהויבען פּאַמעליכקע אונטערצופרעסען דאָס יונג לעבען איהר׳ס. שטיל, פּאַמעליך, ניט רע־דענדיג און ניט קלאָגענדיג זיך, האָט דאָס יונגע שעהנע בלימעלע געוועלקט פון טאָג צו טאָג, און קיין איינמאָל האָבען מיר ניט גערעדט פון דעם, פון וואָס ס׳איז אַזוי פיעל געווען צו רעדען און דאָך ניט געהאַט וואָס. און איך האָב דאָך איינצייטיג העליענאַ׳ן בעזוכט... איך האָב זי ניט ליעב געהאַט, די העליענקען, נור איך האָב זיך פשוט פערבענקט נאָך א לע־בעדיג פריש פּנים, נאָך א פרעהליך שמייכעלע, נאָך א פרויען געמיטה... מיט דער העליענקען האָב איך מיר פיעל בעסער אָנגעהויבען צו פיהלען, בעסער דערפאַר, וואָס איך בין איהר גאָרניט שולדיג געווען, און זי האָט פון מיר גאָרניט געפאָדערט...

אין א פּאָאר חודשים אַרום איז געווען ביי אונז תנאים. דאָס איז געווען פונקט אין דער

צייט, ווען ראָזעלע האָט זיך דאָס לעצטע מאָל אין בעט געלעגט, פון וועלכער זי איז שוין ניט אויפגעשטאַנען... — — —

— — — ס'וועלען זיך געפינען פיעלע, וואָס וועלען זאָגען, אַז איך האָב זי אמת ניט געליעבט, ראָזעלען. שווער איך די יעניגע ביי אַלץ וואָס איז הייליג, אַז אויך איצט, ווען איך דערמאָן נור דעם נאָמען איהרען, גרוילט מיר דאָס לייב, און א שטומער, שוואַרצער וועהטאָג פרעסט און וועט אייביג פרעסען די נשמה מיינע. און וואָלט איך געגלויבט, אַז איך וועל זיך דאָרט מיט איהר זעהן, וואָלט איך מיך שוין לאַנג אריבערגעטראָגען אין דער אייביגער אייביגקייט אריין... ליעבע ראָזאַ! דו ביזט געשטאָרבען, ליעגסט רוהיג, און איך לעב און וועל קיינמאָל קיין רוהה ניט האָבען... דיין בלאַס געזיכט וועט מיר ביז די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען שוועבען פאַר די אויגען!

ל. ב. בודין

פּרעזידענט ווילסאָנ'ס אַרבייטער פּאָליטיק

אין דער לעצטער צייט הערט מען זעהר פיעל רעדען פונ'ם „נייעם קורס" אין אונזער פּאָליטיק, ספּעציעל בנוגע אַרבייטער־זאַכען. עס זיינען פאַראַן אפילו סאָציאַליסטען, און ניט קיין קליין ביסעל, וואָס דענקען, אַז פון וואַשינגטאָן „וועהט א פרישער ווינט". איינִיגע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען, ווי צום ביישפּיעל, גענאָסע וואַללינג, געהען נאָך ווייטער און גלויבען, אַז פּרעזידענט ווילסאָן און אַנדערע „פּראָגרעסיסטען" האָבען בדעה צו מאַכען א רעוואָלוציאָן און אראָבצוזעצען זיין מאַיעסטעט קעניג גרויס־קאַפּיטאַל פונ'ם כסא המלכות. דיזע רעוואָלוציאָן איז, נאָך זייער מיינונג, בלויז דער ערשטער עטאַפּ צו דער גרויסער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן זאָל זיך שוין האָבען אָנגעפאַנגען, כאָטש פיעלע פון אונז ווייסען דאָס נאָך ניט.

דיזע מיינונג פון געוויסע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען האָט אין דער לעצטער צייט געפונען אן אָבקלאַנג אין די רייהען פון אונזערע „געמעסיגטע", צוליעב דעם זאָגענאַנטען „אַרבייטער־פּריוויילעגיען־ביל" („לייבאָר'ס בילל אָוו רייטס"), וואָס די ווילסאָן־אַדמיניסטריישאָן האָט, כלומרשט, אין דורכפיהרען אין קאָנגרעס, אלס א טייל פונ'ם „קלייטאָן אַנטי־טראָסט געזעץ", וואָס ווערט יעצט פערהאַנדעלט אין קאָנגרעס.

די יעניגע, וועלכע האָבען פערפאָלגט אונזער פּאָליטיק אין דעם לעצטען יאָהרצעהנדליג, האָבען שוין לאַנג געמוזט קומען צום שלוס, אַז זינט פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך געזעצט „אויפ'ן טשער" האָט אין אונזער הויפּט־שטאָדט ווירקליך אָנגעהויבען צו בלאָזען „א נייע ווינטעלע". די פראַגע איז נור, וואוהין בלאָזט דאָס „נייע ווינטעלע".

כדי צו ענטפערען אויף אָט דער פראַגע, מוזען מיר זיך נעהענטער באַקענען מיט די יעניגע, וועלכע האָבען די נייע ווינטען געבראַכט אַזש קיין וואַשינגטאָן — מיט דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און איהר איצטיגען הויפּטפיהרער, פּרעזידענט ווילסאָן.

איבער דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָב איך שוין אויספיהרליך געשריעבען אין דער „צוקונפט" פאַר עטליכע יאָהרען. פאַר דיזער צייט האָט דיזע, איבער הונדערט יאָהר אַלטע פּאַרטיי, איהר אַלגעמיינעם כאַראַקטער ניט געענדערט: זי איז איצט דאָס, וואָס זי איז געוועזען דאַן — א מיש־מאַש פון אַלערליי געגענזעצליכע עלעמענטען, מיט די רעאַקציאָנערען פון דער סאַוטה אלס טאָן־געבער, וועלכע געפינען זיך אַלע אונטער איין דאַך, געצוואונגען דערצו דורך דער ביטערער נויט, דורך אונזערע טרויעריגע פּאַרטיי־פּאָליטישע צושטענדע.

מיסטער ווילסאָן איז א העכסט־אינטערעסאַנטע און עכט־אַמעריקאַנישע פּאָליטישע פּערזענליכקייט. שטאַמען שטאַמט ער פון דער רעאַקציאָנערער סאַוטה, און אין זיין גאַנצען וועזען איז ער א טיפּישער „סאַוטהערן דזשענטעלמען" — דאָס הייסט, אַן אַריסטאָקראַטישער רעאַקציאָנער פון דער העכסטער פּראָבע. שוין זיין נאָמען איז כאַראַקטעריסטיש. הייסען הייסט ער אייגענטליך: טהאָמאַס וואודראָו ווילסאָן. אָבער זעהר ווענִיגע האָבען ווען־עס־איז געהערט וועגען דעם „טהאָמאַס", און ער איז בעקאַנט אלס: וואודראָו ווילסאָן. די אורזאַכע דערפון איז, דאָס ווען אונזער פּרעזידענט איז געקומען צו אייגענעם שכל, האָט ער בעשלאָסען, אַז „טהאָמאַס" איז צו פּלעבעאיש, און פּאַסט זיך

ניט פּאַר אַזאַ אַריסטאָקראַט ווי מר. ווילסאָן. „טהאָמאַס ווילסאָן“ אָדער „טהאָמאַס וו. ווילסאָן“ איז צו פּראָסט. מענשען אין גאַס קאָנען נאָך איהם חלילה רופען איינפאַך „טאָם“, „טאָם ווילסאָן“, ווי, צום ביישפּיעל, „בילל“ טעפּט, אָדער „טעדדי“ רוזוועלט. כדי אַזאַ זאַך צו פּערהיטען, האָט ער אַוועקגעוואָרפען דעם „טהאָמאַס“ און געמאַכט „וואודראָו“ פאַר אַן ערשטען נאָמען, און מען זאָגט, אַז עס איז גענוג איהם צו דערמאָהנען, אַז ער האָט אַמאָל געהייסען „טהאָמאַס“ אום איהם אַריינצוברענגען אין כעס. ווען עס איז געקומען צו זיין „אינסטאָליישאָן“ אַלס פּרעזידענט, האָט פּאַסירט אַ סבה: די איינלאַדונגס־קאַרטען האָבען געגעבען דעם פולען נאָמען פון נייעם פּרעזידענט: „טהאָמאַס וואודראָו ווילסאָן“. ווען מר. ווילסאָן איז געוואָהר געוואָרען פון דיזען אומגליק האָט זיך אָבגעטהאָן מעשים, וועניגסטענס, לויט ציידונגס־בעריכטען, און פון דאַן אָן ווערט דער נאָמען „טהאָמאַס“ ניט דערמאָהנט אינ׳ם „ווהייט האוז“.

פון פּראָפעסיאָן איז ווילסאָן אַ געלעהרטער, אַ לעהרער און שרייבער איבער געשיכטע און פּאָליטישע און פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פּראַגען. ער האָט אָנגעשריעבען אַ פינף־בענדיגע „געשיכטע פונ׳ם אַמעריקאַנישען פאָלק“ און פערשיעדענע קלענערע ווערק איבער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציאָנעלע פּראַגען. ער איז פיעלע יאָהרען געווען אַ פּראָפעסאָר, און פון 1902 ביז ער איז געוואָרען אַ „פּראַקטישער“ פּאָליטיקער, איז ער געווען פּרעזידענט פון דער אַריסטאָקראַטישער פּ ר י נ ס ט אָ ן אוניווערזיטעט.

אַלס שרייבער און לעהרער האָט ער אַרויסגעצייגט די אַלע שעהנע מעלות, מיט וועלכע די רעאַקציאָנערע אַריסטאָקראַטען פון דער סאָוטה צייכנען זיך אויס. אַן אָנהענגער פון דער רעאַקציאָנערער „סטייט רייטס“־טעאָריע; אַ דזשינגאָאיסטישער האַסער פון אַלע „פּרעמדע“ און „אָנגעקומענע“; אַ פערביסענער געגנער פון דער אַרבייטער בעוועגונג און טרייד־יוניאָניזמוס — אָט דאָס איז אימער געווען הערר „וואודראָו“ ווילסאָן. אין דער פּאָליטיק האָט ער געהערט צו די זאָגענאַנטע „קליוולענד־דעמאָקראַטען“, דאָס הייסט, צו די יעניגע „דעמאָקראַטען“, וועלכע האָבען צו אַלע אַנדערע שעהנע מעלות פון אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטען“ נאָך געהאַט די ליעבע מעלה פון אַן אינטימער קרבה׳שאַפט, אין גייסט וועניגסטענס, מיט וואָלל־סטריט. ער האָט דארום געשפּיעלט אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אונגעפעהר דיזעלבע ראָלע, וואָס פּרעזידענט באָטלער פון קאָלומביאַ אוניווערזיטעט שפּיעלט איצט אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי: דער זיידענער יונגערמאַנטשיק, וועלכער קאָן אויסדריקען אין אַ שעהנער און געלערנטער שפּראַך די בעשטרעבונגען פון דער פּאַרטיי, וואָס די פיהרער וואַגען ניט צו צייגען פאַר דער וועלט, אָדער וועניגסטענס פאַר די וועהלער, אין זייער נאַטירליכער נאַקעטקייט.

אין 1910, ווען עס איז געוואָרען קלאָר, אַז די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי וועט וואַהרשיינליך זיך שפּאַלטען ביי די נעקסטע פּרעזידענט־וואַהלען, און די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט דארום אַ „שאָו“ צו ערוועהלען איהר פּרעזידענט־קאַנדידאַט, זיינען צוויי לייטענדע גייסטער אינ׳ם אַריסטאָקראַטיש־רעאַקציאָנערען פליגעל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי געקומען צום שלום, אַז וואודראָו ווילסאָן איז די פּאַסענדסטע פּערזאָן בעהרט צו ווערען מיט דער דעמאָקראַטישער נאָמינייישאָן פאַר פּרעזידענט אין 1912. דיזע צוויי „לייטענדע גייסטער“ זיינען געווען: „קאָלאָנעל“ דזש. האַרוויי, פון ניו יאָרק, און „קאָלאָנעל“ הענרי וואַטערסאָן, פון קענטאָקי.ביידע זיינען בעריהמט אַלס בורבאָנען פון רעאַקציאָנערען זשורנאַליזם און זיינען בעקאַנט אַלס וואָרטפיהרער פון דער הויכער פינאַנץ אין אַלגעמיין און וואָלל־סטריט אין בעזאָנדערן. האַרוויי, ספּעציעל, איז בעקאַנט אַלס דער זשורנאַליסטישער עק פון דזש. פּ. מאָרגאַנ׳ס באַנקיר־פירמע.

אַלס גוטע קענער פון אַמעריקאַנער פּאָליטישע צושטענדע און אַלס געריבענע מאַכערס פון „עפענטליכער מיינונג“, האָבען דיזע צוויי גרויסע פּאָליטישע סטראַטעגיקער גלייך איינגעזעהן, אַז דער תכשיט ווילסאָן איז פאַר זיי אַ ווינש־פינגערל — אַ קאַנדידאַט מיט אַלע מעלות און אָהן אַ פּגימה. אַ געלעהרטער פּראָפעסאָר, אַ למדן, אַ בעל יחוס, אַן „אונאָבהענגיגער“ א. ז. וו., א. ז. וו. — פאַר׳ן גרויסען עולם. פאַר די יעניגע, וועלכע פערשטעהען זיך אויף פּאָליטיק, איז ער „נאַשיך“, בלוט פון אונזער בלוט און פלייש פון אונזער פלייש, אַ מענש, אויף וועלכען די „פיהרער פון דער נאַציאָן“ קאָנען זיך פערלאָזען, און דאָס בעסטע איז, וואָס דער גרויסער עולם וויים גאָר ניט פון די מעלות, וועלכע וועלען איהם מאַכען אַזוי בעליעבט ביי די „פיהרענדע אינטערעסען“. וואָרום, ווער פון דעם גרויסען עולם האָט ווען עס איז געלעזען זיינע ביכער אָדער געהערט זיינע רעדען פאַר די סטודענטען?

און כדי מען זאָל קענען דעם פערהעלטניסמעסיג וועניג־בעקאַנטען אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָר נאָמינירען און ערוועהלען פאַר פּרעזידענט, איז בעשלאָסען געוואָרען איהם פריהער צו מאַכען פאַר גאָווערנאָר פון ניו־דזשערזי סטייט, און איהם געבען דערמיט אַ געלעגענהייט זיך „אויסצוגרינען“ און צו בעווייזען „וואָס ער קען“, דאָס הייסט, געבען זיין „פּוב־

ליסיטי ביוראָ“, אונטער דער לייטונג פון הארוויי און וואטערסאָן, די מעגליכקייט צו „בומען“ איהם. וועמעס הסכמה הארוויי און וואטערסאָן האָבען געקראָגען צו זייער פּלאַן, איידער זיי האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט, איז ניט בעקאנט. עס איז אָבער אָפּיציעל פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז די קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען די דעמאָקראטישע פּארטיי פון ניו־דזשערזי זאָל נאָמינירען ווילסאָנ'ען פאַר דעם גאָווערנאָר־אמט פונ'ם סטייט ניו־דזשערזי, איז אָבגעהאלטען געוואָרען ניט אין ניו־דזשערזי, נור אין נומער 120 בראָדוויי, ניו יאָרק, א בלאָק פון דזש. פּ. מאָרגאנ'ס אָפּיס אין וואָלל־סטריט, און דאָס ביי דיזער קאָנפערענץ זיינען די „מאָרגאן אינטערעסען“ געוועזן פערטראָטען ניט בלויז דורך „קאָלאָנעל“ הארוויי, נור אויך דורך איינעם פון די מאָרגאן־שטאָהל־טראָסט לאָיערס, ריטשארד וו. לינדעבורי. לויט דעם בעשלוס פון דיזער נ י ו י אָ ר ק ע ר קאָנפערענץ איז וואודראָו ווילסאָן געוואָרען גאָווערנאָר פון ניו־דזשערזי.

ווי אזוי דער הארוויי־וואטערסאָן פּרעזידענט־קאנדידאט איז נאָכהער נאָמינירט געוואָרען פון דער דעמאָקראטישער פּארטיי מיט דער הילפע פון וויליאם דזש. ברייען, דעם פיהרער פונ'ם „ראדיקאלען“ פליגעל פון דער דעמאָקראטישער פּארטיי, דעם טויט־פיינד פון די „קליוולענד־דעמאָקראטען“ א. ז. וו. איז איינס פון די אינטערעסאנטסטע — און אויך שמאכפאָלסטע — בלעטער אין דער געשיכטע פון אמעריקאנער „פּאָליטיקס“. ליידער קאָנען מיר זיך איצט אויף דיזער אינטערעסאנטער געשיכטע ניט אָבשטעלען. איין זאך מוזען מיר אָבער דאָ דערמאָהנען: דיזע געשיכטע האָט בעוויזען, אז דער זיידענער יונגערמאנטשיק איז א דורכגעטריבענער פּאָליטישען, פיעל מעהר פּאָליטישען, ווי הארוויי און וואטערסאָן האָבען זיך פאָרגעשטעלט, און אז אין דיזער הינזיכט קאָנען פיעלע אלטע פּאָליטישענס ביי איהם הייצען פּעטשערעס. אז וויליאם דזש. ברייען זאָל צווינגען א דעמאָקראטישע קאָנווענשאָן צו נאָמינירען הארוויי'ס קאנדידאט פאַר פּרעזידענט האָט זיך הארוויי'ן זיכער קיין מאָל אפילו ניט גע'חלום'ט. און אז ז י י ן, ה א ר ו ו י י ' ס, אייגענער קאנדידאט זאָל נאָך זיין ערוועהלונג מאכען וויליאם דזש. ברייען פאַר סעקרעטערי אָוו סטייט — דאָס איז פאַר הארוויי'ן געוועזן נאָך א גרעסערע איבערראשונג.

און מר. ווילסאָן האָט ווירקליך מערקווירדיגע „פּאָליטישע“ פעהיגקייטען. מערקווירדיג אפילו פאַר אמעריקאנער פּאָליטישענס.

אָט די פעהיגקייטען זיינע שטעלען זיך בעזונדער קלאָר ארויס, ווען מען פערגלייכט מר. ווילסאָן מיט זיין פאָרגענגער, עקס־פּרעזידענט טעפט.

פיעלע מענשען, וועלכע האלטען ווילסאָנ'ען פאַר א „ראדיקאל“ אָדער ווענינגסטענס פאַר א ליבעראל, האלטען טעפט'ן פאַר אן ערץ־רעקציאָנער. דער אמת איז, דאָס דער טייפעל איז ניט אזוי שווארץ, ווי מען מאָהלט איהם, און טעפט איז פיללייכט אזוי ווייט פון זיין אן ערץ־רעאקציאָנער, ווי ווילסאָן איז ווייט פון צו זיין א „ראדיקאל“, אָדער ליבעראל. זיי זיינע ביידע זעהר גוטע קאָנסערוואטאָרען. נור אין איניגע, זעהר וויכטיגע, פונקטען איז טעפט פיעל פּראָגרעסיווער פאַר ווילסאָנ'ען. דער הויפּט־אונטערשיעד צווישען זיי איז אָבער א גאנץ אנדערער. טעפט איז אן עהרליכער, פּרינציפּיעלער מענש, אויף וויפיעל דאָס איז איבערהויפּט מעגליך ביי אן אמעריקאנער פּאָליטישען, און ער קעמפּפט פאַר זיינע פּרינציפּען — וואָס זיי זאָלען ניט זיין — אויף אן עהרליכען און גראדען וועג. ווילסאָן איז פונקט דער היפּך. אלס געריבענער פּאָליטישען איז ער אימער אויפ'ן שטעל מיט א פּעקעל „גרין־גודס“...

דאָס איז דער שליסעל צו זיין ג א נ צ ע ר פּאָליטיק, און אויך צו זיין ארבייטער־פּאָליטיק.

איין ביישפּיעל וועט גענוג זיין ארויסצוברייגען דעם אונטערשיעד צווישען טעפט און ווילסאָן, און צו בעלייכטען דעם „נייען קורס“ אין זיין גאנצער הערליכקייט.

צו ענדע פון טעפט'ס אדמיניסטריישאָן האָט דער קאָנגרעס, וועלכער איז געוועזן דעמאָקראטיש, אָנגענומען, אויפ'ן פערלאנג פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, אן אזוי גערופענעם „ריידער“ צום „סאנדרי אפּפּראָפּריאיישאָן ביל“, וואָס האָט כלומר'שט „פּראָטעקטעד“ די טרייד־יוניאָנס געגען פערפאָלגונגען אונטער דעם שערמאן אנטי־טראָסט געזעץ. עס האָט זיך דאביי געהאנדעלט וועגען אָט וואָס: אינ'ם „אפּפּראָפּריאיישאָן ביל“ בעווילליגט דער קאָנגרעס געוויסע סומען פאַר די הוצאות פון די פערשיעדענע רעגיערונגס־דעפּארטמענטען. דער דערמאָהנטער „ריידער“, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען, איז בעשטאנען אין א פאָרשריפט, אז די געלדער, וואָס ווערען בעווילליגט אין ד י ע ז ע ן „אפּפּראָפּריאיישאָן ביל“ פאַר די הוצאות פונ'ם יוסטיין־דעפּארטמענט, זאָלען ניט געברויכט ווערען אויף צו פערפאָלגען טרייד־יוניאָנס אונטער דעם אנטי־טראָסט געזעץ. די קאָנסערוואטיווע פּרעסע האָט גענומען שרייען „קאראאול!“ מען גיט די טרייד־יוניאָנס ספּעציעלע פּריווילעגיעס מיט דעם, וואָס מען נעהמט זיי ארויס פון אונטער דער שליטה פונ'ם אנטי־טראָסט געזעץ, א. ז. וו. א. ז. וו. און מר. טעפט,

אלס פרינציפיעלער געגנער פון אזעלכע „אויסנאהמען“ האט צוליעב דיזען „ריידער“ געוועטאיד דעם גאנצען „אפפראפריאיישאן בילל“, ערקלערענדיג, אז דער „ריידער“ איז „קלאסענגעזעצגעבונג“. גאמפערס און די גאנצע ארבייטער־פרעסע זיינען דעריבער געווארען זעהר אויפגעקאכט, און דער אינצידענט האט זעהר פיעל מיטגעהאלפען צו בעפעסטיגען מר. טעפט׳ס רעפוטאציע פון אן ארבייטער־פיינדליכען רעאקציאנער.

ווען מר. ווילסאן איז געווארען פרעזידענט האט דער קאנגרעס ווידער אנגענומען דעם „אפפראפריאיישאן בילל“ מיט דעמזעלבען „ריידער“, און אלע האבען געווארט מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט, וואס מר. ווילסאן וועט טהאן: זיין „פרינציפ“ האט געפאדערט ער זאל דעם ביל וועטאירען, אבער די פאליטיק האט געפאדערט ער זאל איהם גוט־הייסען. מר. הארוויי און קאמפ. זיינען געוועזען געגען דעם ביל, און גאמפערס און חברותה פאר איהם. און דא האט ווילסאן בעוויזען וואס ער קען. ער האט ערקלערט, אז ער איז געגען דעם ביל אין פרינציפ, פונקט ווי טעפט, אבער אלס פראקטיקער וועט ער האנדלען פונקט פערקעהרט. ער האט דעם ביל גוט־געהייסען מיט דער ערקלערונג, אז ער האט אנדערע געלדער אויף צו פערפאלגען די יוניאנס אונטער דעם אנטי־טראסט געזעץ. מר. גאמפערס קאן אלזא האבען זיין „ריידער“ און מר. הארוויי זיינע יוניאן־פערפאלגונגען! „אי וואלק סיט, אי קאזא ציעלא“. צו וואס זאל מען זיין א „פרינציפענרייטער“ ווי טעפט, און גילטען פאר א רעאקציאנער, און האבען די ארבייטער פיהרער געגען זיך, ווען מען קען פאר דיזעלבע געלד זיין א „ראדיקאל“, אן „ארבייטער־פריינד“, און האבען מר. גאמפערס׳ן און זיינע פריינד אלס פאליטישע בעהעלפער?

אט דאס איז ווילסאן. אט דאס איז דער „נייער קורס“.

און די ווייטערע גרויסע „זיעגען“, וואס די פיהרער פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר און געוויסע סאציאליסטען פייערן איצט בתופים ובמחולות—מיט דריי־גארענדיגע קעפלאך און באמבאסטישע פראזען — זיינען דאס די שטארקסטע בעווייזע פאר דעם „נייעם קורס“. לויט די בעריכטען פונ׳ם ניו יארקער „קאלל“, בעשטעהען דיזע גרויסע „זיעגען“ אין צוויי פונקטען: ערשטענס, איז געזעצליך פעסטגעשטעלט געווארען, אז ארבייטער־יוניאנס זיינען ניט אונטער דער שליטה פון די פעדעראלע אנטי־טראסט געזעצע, און קאנען דארום ניט פערפאלגט ווערען אויפ׳ן סמך פון דיזע געזעצע, ווי דאס איז ביז איצט געוועזן דער פאל; און, צווייטענס, ערקלערט דער, אזוי גערופענער, „בילל אוו רייטס“ פאר געזעצליך סטרייקס, באיקאטס און פיקעטען בעת סטרייקס און בעשרענקט דאס רעכט פון די קאורטס ארויסצוגעבען „אינדזשאנקשאנס“ געגען סטרייקענדע אדער באיקאטירענדע ארבייטער. דער ערשטער פונקט, דאס אויסנעהמען („עקזעמפשאן“) פון טרייד־יוניאנס פון אונטער דער שליטה פון די אנטי־טראסט געזעצע געפינט זיך — אזוי פערטייטשט מען אונז — אין א פאראגראף פונ׳ם „קלייטאן אנטי־טראסט בילל“, וואס איז בעקאנט אלס אמענדמענט צו „סעקשאן 7“. דער צווייטער פונקט — „לייבאר׳ס בילל אוו רייטס“ — איז ענטהאלטען אין א ספעציעלע סעקשאן פון דעמזעלבען בילל, בעקאנט אלס „סעקשאן 18“.

דער „עקזעמפשאן“ — אמענדמענט צו „סעקשאן 1“ פונ׳ם קלייטאן בילל, זאגט פאלגענדעס:

„די אנטי־טראסט געזעצע זאלען ניט אויסגעטייטשט ווערען אזוי, אז זיי זאלען פערבאטען די עקזיסטענץ פון ארבייטער ארגאניזאציאנען; אדער אזוי, אז זיי זאלען פערבאטען איינצעלנע מיטגליעדער פון אזעלכע ארגאניזאציאנען אויסצופיהרען די לעגיטימע (legitimate) צוועקען פון אזעלכע ארגאניזאציאנען; אויך זאלען אזעלכע ארגאניזאציאנען און זייערע מיטגליעדער ניט בעטראכטעט אדער ערקלערט ווערען פאר אונגעזעצליכע פעראייניגונגען אדער „פערשווערונגען“, וועלכע שטעהען אונטער די אנטי־טראסט געזעצע“.

ווען א רייזענדער פונ׳ם שטערן מארס וואלט אריינגעפאלען אין אונזער געבענשטער אמעריקא דיענסטאג אין דער פריה, דעם 27טען מאי, 1914, און געזעהן דעם טאראראם, וואס געוויסע צייטונגען האבען געמאכט, ווען דיזער פאראגראף איז אנגענומען געווארען פונ׳ם רעפרעזענטאנטען־הויז, וואלט ער נאטירליך געקומען צום שלום, אז איצט, איידער דיזער פאראגראף איז אריינגעטראטען אין קראפט, איז די עקזיסטענץ פון יוניאנס פערבאטען דורך די אנטי־טראסט געזעצע, און אז אויפ׳ן סמך פון דיזע געזעצע טארען די מיטגליעדער פון ארבייטער־יוניאנס ניט אויספיהרען די לעגיטימע צוועקען פון אזעלכע ארגאניזאציאנען, א. ז. וו. א. ז. וו.

ווארום אז ניט, טא וואס דארף מען האבען אזא „עקזעמפשאן“־פאראגראף, און איבער וואס קאכט מען זיך דאס אזוי?

און ווי ערשטוינט וואלט ער געווארען, ווען ער וואלט אויסגעפינען דעם אמת: אז זייט די אנטי־טראסט געזעצע בעשטעהען האט נאך קיין קאורט ניט ערקלערט די עק־

ז י ס ט ע נ ץ פון יוניאָנס פאַר אונגעזעצליך, און אַז די אַלע זאַכען, וואָס דער „עקזעמפּשאָן"־פּאַראַגראַף זאָל כלומרשט מ אַ כ ע ן געזעצליך, זיינען א י צ ט א ו י ך ג אָ ר נ י ט א ו נ ג ע ז ע צ ל י ך? טו מיט וואָס פאַר א נייעם רעכט דאָט דיזער פּאַראַגראַף בעשאָנקען די אַרבייטער פון דיזען לאַנד? אויף דיזע פראַגע איז דאָ בלויז איין אנטוואָרט: מ י ט ק י י ן נ י י ע ם ר ע כ ט. ע ס ב ל י י ב ט ט אַ ק ע אַ ל ץ ב י י ם אַ ל ט ע ן. טאָ וואָס־זשע איז דער אונטערשיעד צווישען ווילסאָנ'ס „נייער ערא" און טעפט'ס „אַלטער ערא"? און וואָרום פרעהען זיך די אָפיציעלע אַרבייטער־פיהרער אזוי שטאַרק מיט דער „עקזעמפּשאָן"? דאַרויף קאָנען מיר געבען בלויז איין ערקלערונג:

יאָהרען לאַנג האָט דער אַרבייטער קלאַס פון אונזער געבענשטער מדינה געליטען פון דעם, וואָס מען האָט געגען איהם אָנגעווענדט א געזעץ, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פאַר גאַנץ אַנדערע צוועקען. די פערפאַסער פונ'ם אַנטי־טראָסט געזעץ האָט זיך אפילו ניט געחלום'ט, אַז מען וועט עס אָנווענדען אלס אן אונטערדריקונגס־מיטעל געגען קעמפּפענדע אַרבייטער. די אָנווענדונג איז געווען ניט אין דעם זינען, אַז די ע ק ז י ס ט ע נ ץ פון יוניאָנס איז פערבאָטען, אָדער אַז יוניאָנס, אַלס אַזעלכע, זיינען אונגעזעצליכע פעראייניגונגען אָדער פערשווערונגען. פערקעהרט, אונזערע הערשער, די קאָורטס, האָבען ניט אויפגעהערט צו פלאַפּלען וועגען דעם, ווי געזעצליך און ווי פיין און גוט יוניאָנס זיינען, ווען זיי פערפאָלגען בלויז זייערע ל ע ג י ט י מ ע צוועקען. אָבער... צו פערפאָלגען „לעגיטימע" צוועקען הייסט אויף דעם לשון פון אונזערע הערשער — זיך לעגען שלאָפען. קוים האָט א יוניאָן זיך גענומען ריהרען און עפּעס אויפטהאָן, אַלס א קלאַסען־אָרגאַניזאַציאָן האָבען איהרע צוועקען אויפגעהערט צו זיין „לעגיטים". די אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט פין דיזען לאַנד פאָדערט דארום שוין פון פיעלע יאָהרען א קאָנגרעס־געזעץ, וואָס זאָל אַ ר ו י ס נ ע ה מ ע ן אַ ל ע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען פון דער שליטה פונ'ם אַנטי־טראָסט געזעץ. כדי אַזאַ געזעץ זאָל ווירקליך דערגרייכען זיין צוועק דאַרף עס זאָגען קורץ און שאַרף: „אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען פאַלען ניט אונטער די פאָרשריפטען פון די אַנטי־טראָסט געזעצע". און דאָס איז טאַקע, וואָס די אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט האָט אימער פערלאַנגט. אָט דאָס האָבען זיי פערשטאַנען אונטער דעם וואָרט „עקזעמפּשאָן".

אַזוי לאַנג ווי טעפט איז געווען פּרעזידענט, און דער „אַלטער קורס" האָט געגאָלטען, האָבען די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען ניט געקאָנט האָבען קיין „עקזעמפּשאָן". מר. טעפט האָט ערקלערט, אַז ער איז אין פּרינציפּ געגען „אויסנאַהמען", ווייל דאָס איז, נאָך זיין מיינונג, „קלאַסענגעזעצגעבונג". איצט אָבער איז מר. ווילסאָן פּרעזידענט, און מיר לעבען אונטער א "נייעם קורס". מר. ווילסאָן איז ניט קיין „דאָגמאַטיקער", ווי מר. טעפט. די אַרבייטער ווילען „עקזעמפּשאָן", וועלען מיר זיי געבען „עקזעמפּשאָן".... נאַטירליך, ניט קיין אמת'ע „עקזעמפּשאָן", נור אן „אויסנאַהמע"־פּאַראַגראַף, וואָס „נעהמט" גאָרניט אויס. ער האָט אלזאָ גענומען די איצט־עקזיסטירענדע געזעצע און האָט זיי איינגעוויקעלט אין אן „עקזעמפּשאָן" און דערלאַנגט עס זיי, די אַרבייטער, אַלס א שעהנע מתנה...

און די אַרבייטער, דאָס הייסט, די אָפיציעלע אַרבייטער־פאָרשטעהער, פרעהען זיך... אַ ברירה האָבען זיי? זיי מוזען דאָך מאַכען א גוטע מינע צום בייזען שפּיעל. וואָרום ווען ניט, וועלען דאָך די אַרבייטער געוואָהר ווערען, אַז ווילסאָן האָט זיי בעשווינדעלט, און קאָנען נאָך חלילה פאָדערן רעכענשאַפט פון מר. גאָמפּערס און קאָמפּאַניע פאַר דעם, וואָס זיי האָבען זיי פערנאַרט אין מר. ווילסאָנ'ס פּאָליטישען לאַגער. כדי ניט צו פערלירען דעם פּרעסטיזש ביי די אַרבייטער און כדי ווייטער צו קאָנען אָנהאַלטען די פּאָליטישע פּאַרטנערשאַפט מיט מר. ווילסאָנ'ען, מוזען זיי נעבעך שרייען מיט כלומרשט'דיגע בעגייסטערונג: „הוראַ! מיר האָבען געזיעגט!"

נו, און די סאָציאַליסטען? וואָס טאַנצען זיי אויף א פרעמדער חתונה? — תיקו, בלייבט א קשיה.

וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט וועגען דעם „עקזעמפּשאָן"־פּאַראַגראַף לאָזט זיך זאָגען, וואָרט פאַר וואָרט, אויפ'ן, אַזוי גערופענעם, „ביל אָוו רייטס". דיזער כלומרשט'דיגער „פרייהייטס־ביל" ענדערט ניט א האָר אין די איצטיגע געזעצע. ער גיט די אַרבייטער ניט קיין איין ניי ר ע כ ט און נעהמט פון זיי ניט אַרונטער קיין איינציגע בעגרענעצונג. דער גאַנצער „ביל אָוו רייטס" איז אן אונגעהייער שטיק שווינדעל. דאָס רעכט, וואָס דער בעריהמטער פּאַראַגראַף 18 גיט די אַרבייטער, האָבען זיי אויך איצט, און דאָס רעכט, וואָס זיי האָבען איצט ניט, גיט זיי פּאַראַגראַף 18 אויך ניט. אַ ל ץ ב ל י י ב ט ב י י ם אַ ל ט ע ן.

און דאָך ענטהאַלט אין זיך דער „קלייטאָן־ביל" עטוואָס, וואָס צייגט דאַרויף, אַז מיר לעבען דאָך אין א „נ י י ע ע ר אַ". אָבער א „נייע ערא" איז עס בלויז אין די בעציהונגען צווישען דעם גרויסען אַמעריקאַנער „פּובליקום" און קעמפּפענדען אַרבייטער־קלאַס. אַ חוץ די צוויי דערמאָהנטע פּאַראַגראַפען ענטהאַלט דער קלייטאָן ביל נאָך א דריטען פּאַ־

ראַגראַף אין בעצוג אויף אַרבייטער־רעכט, בעקאַנט אַלס „פּאַראַגראַף 20“. דער תמצית פון דיזען פּראַגראַף איז — ווען אַרבייטער פּאָלגען ניט אַן אינדזשאָנקשאָן געגען אַ סטרייק, אָדער געגען אַ באָיקאָט, האָבען זיי אַ רעכט צו פּאָדערן, אַז די פראַגע אויב זיי זיינען שולדיג אָדער ניט אין דיזען „פּערברעכען“, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט“, זאָל ענטשיעדען ווערען פון אַ דזשורי, און ניט פונ׳ם דזשאָדזש, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען דעם אינדזשאָנקשאָן, ווי דאָס איז איצט געוועהנליך דער פאַל, אָדער פון זיינעם אַ קאָלעגע.

דיזע „רעפאָרם“ ווערט שוין אויף געפּאָדערט פון אַרבייטער־קלאַס זייט פיעלע יאָהרען. און דאָס איז די איינציגע ווירקליכע רעפאָרם, וואָס דער קלייטאָן ביל ענטהאַלט. מערקווירדיגערווייזע האָבען אָבער די צייטונגען גראַדע פון דיזען פונקט קיין וועזען ניט געמאַכט.

ווי קומט עס, אַז צוזאַמען מיט אַ „פּאַפּירענער „עקזעמפּשאָן“ און אַ פּאַפּירענעם „ביל אָוו רייטס“ זאָל מען אונז געבען טאַקע אַ ווירקליכע, לעבעדיגע, דזשורי? און וואָרום זיינען מיר זיך אַזוי װעניג משמח מיט דיזער לעבעדיגער דזשורי? די ערקלערונג איז: פּעטערסאָן, ליטל־פאָלס, אינדיאַנאָפּאָליס, ניו יאָרק. די פעראורטיילונגען פון די סטרייקפיהרער אין פּעטערסאָן און ליטל־פּאָלס; פון די איירן־וואָירקערס אין אינדיאַנאַפּאָליס; פון טענענבוים און פון די מייל־דרייווערס אין ניו יאָרק — האָבען בעוויזען, אַז מיר לעבען ווירקליך אין אַ נייער ערא. פיעלע פון דיזע פעראורטיילונגען דורך דזשורים זיינען געוועזן אַזוי אָפען געגען געזעץ און גערעכטיגקייט, אַז די ריכטער אַליין האָבען זיי אומגעשטויסען. ווען דער אַרבייטער־קלאַס האָט צום ערשטען מאָל אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פאַר דזשורי־טרייעלס אין „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט“־קייסעס, איז די פערהאַלטונג פון ברייטען אַמעריקאַנער פּובליקום צום אַרבייטער־קלאַס געוועזן גאָר אַן אַנדערע.

מיט 18־20 יאָהר צוריק, ווען דיזע פאָדערונג איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרען, איז דער קלאַסען־קאַמפּף דאָ, אין אַמעריקאַ, נאָך ניט געוועזן אַזוי שאַרף ווי איצט. די קאַפּיטאַליסטען זיינען נאָך ניט געוועזן אַ י י ן רעאַקציאָנערע מאַסע, וואָס שטעלט זיך געגען דעם אַרבייטער־קלאַס און אַלע אַרבייטער קעמפּפע. די מיטעל־שיכטען פון אונזער געזעלשאַפט זיינען דאַן געשטאַנען פיעל נעהענטער צו די אַרבייטער, און די דאַמאָלסדיגע קעמפּפע זיינען געפיהרט געוואָרען הויפּטזעכליך געגען די גרויסע אייזענבאַהן־ און קוילען־קאָמפּאַניעס. דערפאַר איז די סימפּאַטיע פון דעם, אַזוי גערופענעם „נייטראַלען פּובליקום“ געוועזן זעהר אָפט אויף דער זייט פון די אַרבייטער. די אורטיילען פון די דזשורים, רעקרוטירט פון דיזען פּובליקום, זיינען דערפאַר געוועזן פיעל גינסטיגער פאַר די אַרבייטער, וואָס האָבען זיך פערזינדיגט געגען אינדזשאָנקשאָנס, ווי פון די דזשאָדזשעס, וואָס זיינען אימער געוועזן די טרייע דיענער פון קאַפּיטאַל. היינט אָבער, לעבען מיר אין אַ גאַנץ אַנדער צייט. אין דער בירגערליכער וועלט וועהט ווירקליך „אַ נייע ווינטעל“. די קלאַסען־אונטערשיעדע ווערען אַלץ שאַרפער, די אַרבייטער־קעמפּפע ווערען איצט געפיהרט ניט בלויז געגען די גאַנץ גרויסע קאַפּיטאַל־מאַגנאַטען, נור אויך געגען קלענערע קאַפּיטאַליסטען. די מיטעלערע שיכטען בילדען איצט די הויפּט־מאַסע אין דעם פיינדליכען לאַגער, מיט וועלכען דער אַרבייטער־קלאַס מוז קעמפּפען פון טאָג צו טאָג. די פערשיעדענע גרופּען פון דעם אייגענטהום־בעזיצענדען בירגערטום ווערען דאַרום אַלץ מעהר און מעהר קלאַסען־בעוואוסט, פיהלען זיך אַלץ מעהר און מעהר אַלס אַ קלאַס מיט איינע און דיזעלבע אינטערעסען. דאָס בירגערליכע „פּובליקום“ מיט זיינע דזשורים איז דערפאַר איצט, מיט זעלטענע אויסנאַהמען, ניט פיעל בעסער, און אַ מאָל נאָך ערגער, ווי די דזשאָדזשעס.

נאַטירליך, זיינען מיר אין פּרינציפּ דאָך פאַר דעם רעכט אויף דזשורי־טרייעל. אָבער קיין גרויסען פּראַקטישען געווינס ערוואַרטען מיר דערפון ניט. ווענינגסטענס, אַזוי לאַנג ווי „די נייע ערא“ וועט אָנהאַלטען אין אונזער מדינה.

דערפאַר טאַקע גיט מען אונז איצט דיזע רעפאָרם. די אָנטרייבער פונ׳ם „נייען קורס“ זיינען ניט פערביסען דאָגמאַטיש, זיי זיינען בערייט אונז נאָכצוגעבען אַזוי פיעל „פּרינציפּיעלעס“ ווי פיעל מיר ווילען נור, כל זמן אַלע פּראַקטישע געווינסען לאָזען מיר פאַר זיי איבער.

נייע צייטען, נייע ליעדער. עס בלאָזט ווירקליך אַ נייער ווינט, אָבער קיין זעהר אַנגענעהמען ריח ברייננט ער ניט.

א. ליעסין

פון די רוסישע פּאָעטען

די בעשווערונג.

(נאָך פּושקין)

אויב ס'איז וואַהר, אַז האַלבע נאַכט,
ווען עס שלאָפט דאָס לעבען איין,
און די לבנה זילבערט זאַכט
די מצבות מיט איהר שיין,
אויב ס'איז וואַהר, אַז רוישלאָז, שטום,
ווערען דאַן די קברים לעער —
רוף איך שטיל א שאָטען: קום,
קום, מיין פריינד, צו מיר, אַהער!
ווי ביים לעצטען אבשיעד'ס קוק,
ווייז זיך, ליעבער שאָטען מיין,
מיט דעם לעצטען ליידען־צוק,
קאַלט־בלאַס, ווי דער ווינטער־שיין.
איך ערוואַרט דיך לאַנג און באַנג,
ווייז זיך אויף א רגע נור,
ווי א לייכטער בלייכער קלאַנג,
ווי א ווייטער שטערען־שפּור,
ווי א שימער, ווי א הויך;
זעהען וויל איך דיך, ערשיין,
ווייז זיך, ווען אפילו אויך,
ווי א גייסט פון שרעק און פּיין, —
קום נור, קום! אָה ניט דערפאַר
רוף איך דיך אין אַנגסטען היינט,
פאָרצואוואַרפען ווילד מיין צער
דעם, וואָס האָט געטויט דיך, פריינד;
ניט דערפאַר אויך, ווייל איך וויל
סודות פון דער גרוב דערגעהן;
ניט דערפאַר אויך, ווייל איך פיהל
אָפט די שולד אין זיך אַליין...
איינס נור וויל איך זאָגען דיר,
אַז איך ליעב דיך, שאָטען מיין,
אַז איך בוינק, איך בוינק אָהן שיעור,
אַז איך בלייב דער טרייסטער דיין.

א שטערען.

(נאָך לערמאָנטאָוו)

גליה, גליה, דו ווייטער שטערן, גליה אין פּראַכט!
איך ליב דיין שוואַכען שיין אין קריעג מיט נאַכט,
דיין צאַרטער שטראַהל צושלאָגט דעם חושך העל
און טראָגט א חלום פאַר מיין קראַנקער זעעל.

מיר האָט אמאָל אַזוי א בליק געשיינט,
נור אָה, פערלאָשען, טויט שוין איז ער היינט!
דאָך גלויבט זיך ניט; מיר חלום'ט אַלץ: איך קען
ביי דיר, אין ווייטסטען הימעל־אויג, איהם זעהן.

ערב יאָהרצייט.

(נאָך טיוטשעוו)

איינזאַם בלאָנזשע אום איך אויף די וועגען לאַנג,
שטיל פערגעהט דער טאָג אין רויטען מערב שיין,
שווער איז מיר, עס חלש'ן אָפּ די פיס פון גאַנג!
זעהסטו מיך, אָה ליעבסטע מיין?

שוין דער לעצטע אבענד־שטראַל האָט דורכגעשוועבט
שוואַרצער אַלץ אין חושך הילט די ערד זיך איין...
אָט אין דיזער וועלט האָב איך מיט דיר געלעבט,
זעהסטו מיך, אָה מלאך מיין?

מאָרגען פאַנגט זיך אָן א נייער טרויער־שנור,
מאָרגען פאַנגט זיך אָן א נייער יאָהר פון פּיין;
מלאך מיין, וואו ס'זאָל דיין גייסט ניט שוועבען נור,
זעהסטו מיך, אָה מלאך מיין?

דאָס ליעד פון אַלטען מאַן

(נאָך קאָלצאָוו)

זאָטעל אָן איך דעם פערד,
מיין פערד שנעל און טריי,
און איך יאָג און איך טראָג,
ווי אן אָדלער פריי,

איבער פעלד, איבער ים,
אין א געגענד ווייט,
און איך כאַפּ און קעהר אום
די פריה־יוגענד־צייט!

פּוץ איך אויס זיך, קוק אויס
צ'ריק א יונג א בוואַט,
מיידלאך שעהן וואָלטען מיך
ווידער ליעב געהאַט!

נור ניטאָ, אָה, קיין וועג
צו פערגאַנגענהייט!
קען דען אויפגעהן די זון
ווען פון מערב זייט!

ג. אַלעקסינסקי

די לאַגע אין פראַנקרייך און דער סאָציאַליסטישער זיעג

די וואַהלען אין פּראַנקרייך, ווי בעוואוסט, האָבען זיך פערענדיגט מיט א גרויסען זיעג פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אריינגעשיקט אין פּאַרלאַמענט 1½ מאָל אזוי פיעל דעפּוטאַטען, ווי פיעל זי האָט פריהער געהאַט — 102 דעפּוטאַטען אנשטאַט 67. אָבער אום צו פערשטעהן דעם פולען ווערטה פון דעם זיעג, מוזען מיר זיך צוקוקען צו די פּאָליטישע און סאָציאַלע אומשטענדען, אונטער וועלכע דער לעצטער וואַהל־קאַמפּף איז פאָרגעקומען.

.1

די מאַכט פון פעראייניגטען קאַפּיטאַל אין פראַנקרייך.

פראַנקרייך שפּיעלט די ראָלע פון דעם „וועלט־באַנקיר" אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען מאַרק. פראַנקרייך עקספּאָרטירט קיין רוסלאַנד געלד. די העכסטע פאָרם פון קאַפּיטאַל אין פראַנקרייך איז דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל — ער איז אַם שטאַרקסטען קאָנצענטרירט. פראַנקרייך שטעהט אפילו הינטער דייטשלאַנד, ענגלאַנד און די פעראייניגטע שטאַאטען מיט איהר לאַנד־ווירטשאַפט און אינדוסטריע, אָבער מיט דער מאַכט פון פראַנקרייכ'ס פינאַנץ־אנשטאַלטען קענען זיך בלויז פערגלייכען די אַמעריקאַנער טראָסטס. אויף דער בערזע פון פראַנצויזישען גרויס־קאַפּיטאַל הערשט פאָלקאָמענער מאָנאָפּאָל. די גרעסטע פינאַנץ־אונטערנעמונגען פון פראַנקרייך זיינען אריין אין א שטילען־אָבמאַך און מאַכען יד אחת, ווען מען דאַרף אריינכאַפּען די מיליאָנען.

דאָס בעשטעטיגען די בעוואוסטע אויטאָריטעטען אין פינאַנץ־פראַגען, דער סאָציאַליסט ליזי און ניעמאַרק. און דאָס בעשטעטיגען אויך די ציפערן: ענגלאַנד פערמאָגט ביז 80 גרויסע זעלבסטשטענדיגע באַנקען, דייטשלאַנד איבער 50, פראַנקרייכ'ס פינאַנץ־מאַכט איז צענטראַליזירט אין 4 קרעדיט־געזעלשאַפטען „דער קרעדיט פון ליאָן", „די אַלגעמיינע געזעלשאַפט", „די נאַציאָנאַל קאַנטאָר פאַר דיסקאַנט" און „דער קרעדיט פאַר אינדוסטריע און קאָמערץ". צוזאַמען מיט דער קלענערער באַנק — „די באַנק פון פּאַריז און נידערלאַנדען" — בילדען זיי א פינאַנץ־טראָסט, וועלכער קיניגט ווי א זעלבסטהערשער אויף דער בערזע. א שטאַאטס־הלואה, אזוי א ריעזען־אונטערנעהמונג — אַלץ ווענדט זיך אָן איהם. דער עולם מיינט אודאי, אז דער קאַפּיטאַל געהט אהין, וואוהין עס פערטראָגט איהם דער טייפעל פון קאָנקורענץ. עס הויבט זיך ניט אָן — דאָס ווענדט זיך אָן א הייפעלע מענשען.

די גרויסע באַנקען האָבען פיליאַלען אין אַלע עקען פראַנקרייך. בעזיצענדיג גרויסע קאַפּיטאַלען, קענען זיי דיסקאָנטירען וועקסלען און טהאָן פערשיעדענע אַנדערע פינאַנץ־אָפּעראַציעס פאַר א סך א קלענערען פּראָצענט, ווי די קליינע אָרטיגע באַנקען, וועלכע מוזען צוליעב דעם איינע נאָך דער אַנדערער זיך פערמאַכען. די גרויסע באַנקען פערניכטען די קליינע. זיי מאָנאָפּאָליזירען דעם גאַנצען געלד־מאַרק, זיי ווערען די בעלי בתים איבער דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. פון די באַנקען הענגען אָב מיליאָנען קליינע בורזשוא, וועלכע האַלטען זייערע אָבגעשפּאָרטע געלד אין די באַנק־קאַסעס. די דאָזיגע שפּאָרער זיינען בלינד איינגעגלויבט אין די דירעקטאָרען פון זייערע ביינק. „א דירעקטאָר פון א פיליאַלע פון א גרויסער באַנק — זאָגט ליזי — שפּיעלט די ראָלע פון אַן אמת'ן פּאָליטישען אַגענט. ער קאָן צו יעדער צייט שאַפען וועלכע „שטימונג" ער וויל ביי זיינע קליענטען און, אויב נויטיג, קאָן ער ארויסרופען א מהומה, וואָס זאָל זיך אָבשפּיעגלען אויפ'ן געלד־מאַרק".

און די „גרויסע פּרעסע" איז ביי די בערזען־קעניגע אין די הענד. די 4 הויפּט־צייטונגען פון פראַנקרייך, מיט זייער טעגליכער צירקולאַציאָן פון 3½ מיל.—„פּטי פּאַריזאַן", 1200 טויזענד, דער „זשורנאַל", 850 טויזענד, דער „פּטי זשורנאַל", 800 טויזענד און דער „מאַטען", 600 טויזענד; און די ווייניגער פערשפּרייטע די „עקאָ דע פּאַרי", „עקלער", „טאַן"—זיי אַלע אָהן אויסנאַהם זיינען ענג פערבונדען מיט די פינאַנסיסטען און בערזען־ספּעקולאַנטען — פּשוט'ער גערעדט, זיי בעקומען רעגעלע שכירות. אויסער דער סאָציאַליסטישער פּרעסע איז אין פראַנקרייך כמעט ניטאָ קיין עהרליכע, אונאָבהענגיגע, אונפערקויפטע פּרעסע.

דער טראַסט האַלט ספּעציעל אַגענטען צום אונטערקויפען די פּרעסע. געוועהנליך ווערט עס געטהאַן אויף אַזאַ אופן, דאָס מען טיילט איין דער צייטונג פּעטע אַדווערטייזמענטס פון דער אָדער יענער פירמע, און דאָס אונטערקויפען אַליין איז שוין געוואָרען אַ העכסט ענטוויקעלטע צענטראַליזירטע אינדוסטריע, מאָנאָפּאָליזירט פון אַ פּאָאַר מענשען.

און בעזיצענדיג די פּרעסע — די שאַפּערין פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, — בעל הבית'עוועט שוין דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל איבער דעם גאַנצען רעגיערונגס־מעכאַניזם פון דער רעפּובליק. די פּרעסע וועט שוין אַלץ כשר'ן. דער בריק, וואָס פיהרט דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל צו פּאָליטיק, איז ווידער אַמאָל דאָס אונטערקויפען — דירעקט אָדער אונדירעקט. דע־ליזי אין זיין בוך „די דעמאָקראַטיע און די בערזען־ספּעקולאַנטען" ברייננגט אַ צעטעל פון דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען, וואָס זיינען גלייכצייטיג כלומרשטע אַדמיניסטראַטאָרס פון גרויסע אונטערנעהמונגען — זיי זיינען אונטערגעקויפט מיט שווערע געהאַלטען. אַנדערע זיינען אַנגעשטעלט אַלס יוריסט־קאָנסולטען פון די גרויסע קאָמפּאַניעס. אַפילו מיניסטאָרען בראַקירען ניט מיט אַזעלכע שטעלעס. אַ געוועזענער מיניסטער האָט ניט לאַנג צוריק געכאַפּט אַ מיליאָן פראַנק פּאַר קאָמיסיאָן.

און אַ חוץ פערזענליך צו פּעראינטערעסירען די פּאָליטיקער, האָט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל נאָך אַנדערע וועגען ווי אַזוי צו ווירקען אויף דער רעגיערונג. ווען די רעגיערונג וויל דורכפיהרען אַ שטאַאַטס־הלואה, הענגט דער ערפאָלג אָפּ פון די פינאַנסיסטען, מוז זי אַנקומען צו זיי — דאַן לאָזט זי זיך ריידען. און דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל קאָן גלאַט, קינסטליך, לאָזען פּאַלען די פראַנצויזישע שטאַאַטס־רענט. דאָס רופט אַרויס תיכף אַן אונצופריעדענהייט און אַן אונרוהע ביי די רענט־בעזיצער — ביי דער ברייטער קליין־בירגערליכער מאַסע, — וואָס דאָס קאָן ברייננגען אַ מיניסטעריום צום שטירצען.

און ניט נור שטירצט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל מיניסטעריאומס, נור ער שטעלט זיי צונויף אויך. אַ פּאַקט וועט עס אילוסטרירען בעסער פון אַלץ. דאָס איז געווען אין 1906. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ הלואה פּאַר דער רוסישער רעגיערונג. אַזוי ווי עס איז געווען אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן, איז די הלואה געווען שווערליך דורכצופיהרען. קלעמאַנסאָ האָט דאַמאָלס געדאַרפט אָבבייטען רואוויע, אַלס פּרעמיער־מיניסטער, אָבער קלעמאַנסאָ איז בעוואוסט געווען אַלס געגנער פון רוסישע הלואות, איז געווען צרות. אָבער איינמאָל אין יאַנואַר 1906 לייענען מיר אין די צייטונגען, אַז דער גענעראַל־שטאַב פון פינאַנץ־טראַסט האָט אָבגעהאַלטען אַ זיצונג אין „קרעדיט פון ליאָן" און דערביי זיינען געווען קלעמאַנסאָ און הערר ראַפאַלאָוויטש, דער רוסישער פינאַנץ־אַגענט. אויף מאָרגען דערוויסען מיר זיך, אַז קלעמאַנסאָ האָט גוטגעהייסען די הלואה, און קלעמאַנסאָ איז געוואָרען פּרעמיער־מיניסטער.

.2

די אַפער „ראָשעט־קאַלמעט־קאַיאָ" — אַלס שפּיגעל פון בורזשואַז־פּאָליטישער פערדאָרבענהייט.

ווי גרויס עס איז דער פערדאָרבענער איינפלוס פון דער פינאַנץ־קליק אויפ'ן פראַנצויזישען פּאָליטישען לעבען, איז צו זעהן פון דעם סקאַנדאַל, וואָס האָט אויסגעבראָכען ערב די וואַהלען. די פאַקטען זיינען געווים דעם לעזער בעקאַנט, וואָרים די פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט האָט גערעדט וועגען דעם. דאָ וועלען מיר אַרומריידען ניט די דראַמאַטישע, נור די פּאָליטישע זייט פון דער אַפער.

ווער זיינען די שותפים צום סקאַנדאַל? אַ בערזען־וואָלף ראָשעט. מען האָט איהם אַוועקגעזעצט אויף דער בעשולדיגונגס־באַנק ניט דערפאַר, וואָס ער איז געווען ערגער, פערברעכערישער פון אַנדערע ספּעקולאַנטען. זייערע אַלעמענס געשעפטען קאָנען צושמעטערט ווערען, ווען די האַנד פון געזעץ וועט זיך צו זיי צוריהרען. ראָשעט'ס שולד איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געפיהרט זיינע געשעפטען זעלבסטשטענדיג, קאָנקורירענדיג מיט די איינפלוסרייכע פינאַנץ־קרעזען. איהם האָט אָבגעגליקט. ער איז פונקט געווען אַזאַ בריה ווי זיי אָבצוקויפען אָן אַנגעזעהנע צייטונג מיט אָן אַנגעזעהנעם זשורנאַליסט, און צו דינגען אַלס לאָיער אַ פּאָליטישען טהוער און צו קריגען איינפלוס אין די הויכע פענסטער. און דער איינפלוס איז איהם צוניץ געקומען. דער פינאַנץ־מיניסטער קאַיאָ האָט „געווירקט" אויף דעם פּרעמיער־מיניסטער מאָניס, און דער האָט „געווירקט" אויף גענעראַל־פּראָקוראָר פּאַבר, און דער פּראָצעס איז אָבגעלייגט געוואָרען. ראָשעט האָט דערווייל געמאַכט נאָך אויף אַ צעהנדליג מיליאָן געשעפטען און איז אַנטלאָפען.

אָבער ווען קאַיאָ מיט דער קאָמפּ. האָבען זיך אַרויסגעשטעלט ניט אין קיין שעהנעם ליכט — זיי האָבען מיט לייב און לעבען געדיענט בערזען־שאַרלאַטאַנען — זיינען זייערע געגנער בשום אופן ניט זויבערער פּאַר זיי. ווער זיינען זיי? קאַלמעט, דער בעשולדיגער פון קאַיאָ, דער רעדאַקטאָר פון דער פערקויפטעסטער צייטונג אין פּאַריז — „פיגאַראָ"; בריאַן — דער געוויסענלאָזער רענעגאַט; באַרטו, וועלכער זייענדיג מיניסטער, שטעקט אָב ביי זיך אין קעשענע אָפיציעלע דאָקומענטען, כדי זיי אויסצוניצען שפּעטער געגען זיינע פּאָליטישע

גענגער; דער גענעראַל־פּראָקוראָר פאבר, וועלכער האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט געהאַט דעם שווערען דזשאַב צו זיין דער לאַקיי פון יעדען נייען יוסטיץ־מיניסטער.

הכלל, די אַפער ראָשעט־קאַיאָ־קאַלמעט האָט בעוויזען, אַז אַ ל ע בעטייליגטע זיינען ווערטה געווען איינע די אַנדערע — אַלע העסליך־שמוציג, בעדעקט מיט דעם אונצוכט פון דעם פוילענדען בורזשואַזען רעזשים. ניט זיי דאַרפען משפּט'ען איינע די אַנדערע. דער איינציגער ריכטער איבער זיי איז דער סאָציאַליזם, וואָס איז סימבאָליש פאָרגעשטעלט געוואָרען דורך דעם, וואָס זשאָרעס איז בעשטימט געוואָרען אלס פאָרזיצענדער פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע.

אָבער די אַפער איז אַ סך מעהר פון אַ פּאָליטישען סקאַנדאַל אין אַ בורזשואַזער רעפּובליק. זי דעקט אויף אויף אַ שפּאַלטונג צווישען די פּאָליטישע פאָרשטעהער פון דער בורזשואַזיע. צוויי ריכטונגען לאָזען זיך מערקען...

פראַנקרייך איז די לעצטע יאָהרען פערכאַפּט פון אַ שווערען קריזיס. דער אַלץ וואַקסענדער קאַפּיטאַליזם האָט אַ תל געמאַכט פון דעם קליין־בורזשואַ, וועלכער האָט אין דער פערגאַנגענהייט געגעבען דעם טיפּ פון דעם רעוואָלוציאָנער, דעם יאַקאָבינער. דער מיטעלקלאַס פערשווינדט. און שאַרף טיילען זיך פונאַנדער צוויי קלאַסען — די קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע און דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט. דער פערשטאַרקטער קלאַסען־קאַמפּף האָט ארויסגעבראַכט דיזעלבע ערשיינונג, וואָס אין אַנדערע לענדער: די בורזשואַזיע ווערט די טרעגערין פון רעאַקציע. עס בעווייזען זיך אַזעלכע בורזשואַזע טהוער, ווי פּואַנקאַרע, וועלכער זוכט צו פערשטאַרקען די פּ ע ר ז ע נ ל י כ ע מאַכט פון פּרעזידענט פון דער רעפּובליק; ווי בריאַן, וועלכער האָט עפענטליך ערקלערט, אַז ער וועט זיך ניט אָבשטעלען אַפילו פאַר אַן אונגעזעצליכקייט אין קאַמפּף מיט דער אַרבייטער־בעוועגונג, און די בורזשואַזיע אַפּלאָדירט איהם, אלס דעם יעניגען, וועלכער איז בכוח צו שטעלען זיך געגען דעם „צושטערענדען“ סאָציאַליזם. זי, די בורזשואַזיע, האָט גרינדליך פערגעסען, אַז איהרע זיידעס האָבען געמאַכט די גרויסע רעוואָלוציע. דיזעלבע רעאַקציע פיהלט זיך אין דער אויסערליכער פּאָליטיק: פראַנקרייך איז טיעף דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון שאָוויניזם. און די ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפט לאָזען דערקענען דיזעלבע סמנים פון רעאַקציע. די אַנערקענטעסטע פילאָזאָפען פון פראַנקרייך זיינען היינט צו טאָג — בוטרו און בערגסאָן, וועמעס מיסטישע פילאָזאָפיע גיט די קאַטאָליקען וואַפען אין די הענד צו קעמפּפען געגען דער פרייער וויסענשאַפט. דער קלעריקאַליזם הויבט ווידער אויף דעם קאָפּ, און צוזאַמען מיט איהם קומט זיין ברודער — דער מאָנאַרכיזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען.

פאַר די אויגען פון די רעגיערער פון פראַנקרייך טראָגט זיך שטענדיג אַ גרויס געפאַהר, און דאָס טרייבט זיי צו ווערען אַלץ מעהר און מעהר רעאַקציאָנער. פראַנקרייך איז אַ בורזשואַזע רעפּובליק, וואָס האָט זיך געהאַלטען אויף דער קליין־בורזשואַזיע פון די שטעדט און דערפער, אויף דער אַרמיי און צאָהלרייכען בעאַמטענטום. די קליין־בורזשואַזיע צופאַלט אונטער דער ווירקונג פון קאַפּיטאַליזם. די פּויערים ווייזען אַרויס אַלץ מעהר אונרוהיגקייט. אַלע געדענקען נאָך די ריעזען־דעמאָנסטראַציאָנען פון דער הונדערט־טויזענד־קעפּיגער פּויערים מאַסע אין דער וויין־געגענד פון דרום פראַנקרייך מיט אייניגע יאָהר צוריק. די אַרמיי איז אויך העכסט אונרוהיג. מיט אייניגע מאָנאַטען צוריק האָט אַ מאָדנע אויפרעגונג אַרומגעכאַפּט אַלע טיילען פון דער אַרמיי. און דאָס בעאַמטענטום? לעהרער, פּאָסט־, אייזענבאַהן־, צאָלל־ און מוניציפּאַליטעטען־אָנגעשטעלטע אָרגאַניזירען זיך פּראָפעסיאָנעל, און אונטער דער לייטונג פון דער „קאָנפעדעראַציע פון דער אַרבייט“ און דער אַרבייטער פּאַרטיי פיהרען זיי אָן אַ העפטיגען עקאָנאָמישען קאַמפּף. די בורזשואַזע פּאַרטייען זיינען אויסער זיך און די פרעסע פּאָדערט אויף די רעגיערונג צו אונטערדריקען די רעוואָלוציע...

די פראַגע איז נור ווי אַזוי צו אונטערדריקען?. איז איין טייל בורזשואַזיע האַלט, אַז מען מוז געהן מיט שטרענגקייט, אונטערדריקען מיט אָפענער מאַכט; דער אַנדערער האַלט, אַז עס לוינט בעסער עפּעס נאָכצוגעבען — אַ קליינינקע רעפאָרם און דערביי אָבער זעהר גרויסע פערשפּרעכונגען. די ערשטע האָבען זיך פעראייניגט אין דער „פעדעראַציע פון די לינקע“ — בראש מיט באַרטו און די געוועזענע סאָציאַליסטען בריאַן, מילעראַן. די צווייטע גרופּירען זיך ארום קאָמב, קלעמאַנסאָ, קאַיאָ און האָבען זיך ניט לאַנג צוריק אָרגאַניזירט אין „די פעראייניגטע פּאַרטיי פון ראַדיקאַלען און ראַדיקאַל־סאָציאַליסטען“. „די פעדעראַציאָן פון די לינקע“ אָדער ווי איהר צונאָמען איז—„די פעדעראַציאָן פון די לינק־רעכטע“ ציהט נאָך רעכטס, צו אַ בלאָק מיט די נאַציאָנאַליסטען, קלעריקאַלען און מאָנאַרכיסטען. די „פעראייניגטע ראַדיקאַלען“ וואָלטען איינגעגאַנגען אויף אַ בלאָק מיט די סאָציאַליסטען.

די פּראָגראַם־אונטערשיעדען צווישען די ביידע פּאַרטייען זיינען פאָלגענדע: 1) דער געזעץ וועגען 3־יעהריגען מיליטער דיענסט, 2) דער פּראָיעקט פון אַ געזעץ וועגען פּראָגרעסיווען איינקונפט־שטייער, 3) די פראַגע וועגען פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטערשאַפט ביי די וואַהלען אין פּאַרלאַמענט, 4) דער קאַמפּף מיט

דעם קלעריקאַליזם און די פערטיידיגונג פון דער וועלטליכער אָנפאַנגס־שולע.

דער געזעץ וועגען דריי־יעהריגען מיליטער דיענסט איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון בארטו און מילעראַן און איז פאַרבערייטעט געוואָרען פון פואַנקאַרע, בעת ער איז נאָך געוועזן פרעמיער. דער געזעץ האָט געמאַכט א סוף צו איינער פון די דעמאָקראַטישסטע רעפאָרמען אין דער אַרמיי — דעם צוויי־יעהריגען מיליטער־דיענסט. דאָס איז געשעהען אונטער דעם איינפלוס פון דעם וואַקסענדען מיליטאַריזם און אייראָפּאַ און שאָוויניזם אין פראַנקרייך און אונטער דעם דרוק פון דער רוסישער רעגיערונג. מען האָט ביים פאַרלאַמענט געפועלט דאָס, וואָס דעם צאַר איז געפעלען געווען. געשטימט געגען האָבען א טייל פון די ראַדיקאַלען און די סאָציאַליסטען. דער קאָנגרעס פון די „פעראייניגטע ראַדיקאַלען" האָט זיך געשטעלט געגען דעם געזעץ, אָבער ווען זיי זיינען אריין אין מאַכט, דורך דעם מיניסטעריום פון דומערג, האָט דער לעצטער פערשפּראָכען צו זיין לאָיאַל" צום געזעץ און האָט די פראַגע ניט אויפגעהויבען.

פונקט אזוי אונאויפריכטיג זיינען די „פעראייניגטע ראַדיקאַלען" אין דער צווייטער פראַגע — פּראָגרעסיווען איינקונפט־שטייער. דער פאָטער פון דעם פּראָיעקט, קאַיאָ, האָט אין א בריעף זיך בעריהמט, אז ער האָט מיט זיין פּראָיעקט גיכער געמיינט צו בעגראָבען דעם איינקונפט־שטייער, ווי איהם צו פערווירקליכען.

די פראַגע פון פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטערשאַפט איז שוין גאָר א פערפלאָנטערטע. דאָ שטעהען די סאָציאַליסטען צוזאַמען מיט'ן רעכטען פליגעל און דער „פעדעראַציאָן פון די לינקע" פאַר דעם, און די „פעראייניגטע ראַדיקאַלען" געגען. פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטערשאַפט מיינט, אז די מינאָריטעטען זאָלען זיין פערטראָטען. די פּאַרטייען שטעלען ארויס אויף די ערטער א גאַנצען צעטעל פון זייערע קאַנדידאַטען און די וועהלער שטימען פאַר די פּאַרטייען, און ניט פאַר פערזאָנען אָדער אָרטיגען יחסן, ווי עס איז דער מנהג אין פראַנקרייך. פערשטעהט זיך, געוואונען פון אזא רעפאָרם וואָלטען די פּאַרטייען מיט קלאָר אויסגעשפּראָכענע פּראָגראַמען — די עקסט רעכטע און די עקסט לינקע. די וואָס זיינען אין דער מיט, ניט אהין, ניט אהער, וואָלטען פערלאָרען. דערפאַר זיינען די „פעראייניגטע ראַדיקאַלען" געגען פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטערשאַפט.

און וואָס שייך דעם לעצטען פּראָגראַם־אונטערשיעד צווישען די ראַדיקאַלען און די „לינק־רעכטע" — דער קאַמפּף מיט'ן קלעריקאַליזם — איז עס גיכער א פראַגע פון טאַקטיק. די בריאַניסטען זוכען די פריינדשאַפט פון די רעכטע און זיי זיינען דערפאַר פריעדליכער געשטימט געגען דעם קלעריקאַליזם. זיי וואָלטען געקוקט דורך די פינגער, ווען דער קלעריקאַליזם וואָלט פּרובען ווידער ארייןצושאַפען זיך אין דער אָנפאַנגס־שולע. די ראַדיקאַלען, ווידער, שטעלען זיך אַלס רעטער פון פאָטערלאַנד און וואַרנען געגען דער געפאַהר פון קלעריקאַליזם. אָבער אין דער אמת'ן איז די געפאַהר גאָר ניט אזוי גרויס. די קאַטאָליקען האָבען זיך ווירקליך פערשטאַרקט, אָבער אזוי ווייט האַלט עס נאָך ניט, זיי זאָלען פערכאַפּען די שולע. די פראַנצויזישע מאַסע בעפרייט זיך זעהר שנעל פון רעליגיעזען פערבלענדנים.

זעהען מיר, אלזאָ, אַז די פּראָגראַם־אונטערשיעדען צווישען די ביידע ראַדיקאַלע ריכטונגען זיינען ניט קיין געוואַלדיג פּרינציפּיעלע. עס איז גיכער א קאַמפּף פון א הייפעלע פּאָליטיקער פאַר מיניסטער־פּאָרטפעלען. דערפאַר מוז יעדער קאַמפּף ביי זיי אָננעהמען א קליינליך־פּערזענליכען כאַראַקטער. און ווען באַרטו האָט געוואָלט שטירצען דאָס מיניסטעריום פון דומערג־קאַיאָ, האָט ער ארויסגעלאָזט דעם רעדאַקטאָר פון „פיגאַראָ" — קאַלמעט — צו סקאַנדאַליזירען קאַיאָ. אבי די אַפּער ראָשעט האָט געגעבען גענוג געלעגענהייט דערצו. און אין דיזען קליינליך־פּערזענליכען קאַמפּף איז ק א ל מ ע ט געפאַלען א קרבן.

.3

אונטער דער רויטער פאָהן — די טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ביי די וואַהלען.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט נאָך א צייט פאַר די וואַהלען גענומען א שטעלונג צו די 4 הויפּט־פּונקטען, ארום וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען דער וואַהל־קאַמפּף. זי האָט ענטוויקעלט א ברייטע מינדליכע און שריפטליכע אַגיטאַציע געגען דעם 3־יעהריגען מיליטער־דיענסט. זי האָט אָנגעוויזען אויף דעם שאַדען, וואָס דער פראַנצויזישער מיליטאַריזם טהוט אָן דער פאָלקס־ווירטשאַפט, פאָלקס־געזונדהייט, די שטאַאַטס־פינאַנסען, וועלכע זיינען די לעצטע צייט אין גרונד רואינירט. און זי האָט געפאָדערט, אז די לאַסט פון מיליטאַריזם זאָל אַרבאָגענומען ווערען פון די פאָלקס־מאַסען און ארויפגעלעגט ווערען אויפ'ן קאַפּיטאַל, דורך א ספּעציעלען שטייער. און איהר פּראָיעקט פון פּראָגרעסיווען איינקונפט־שטייער איז געווען פיעל ברייטער — די רעגיערונג זאָל האָבען א רעכט צו עקזאַמינירען די איינקינפטע פון די געהויבענע שטייער־צאָהלער. די פאָלקס־שולע זאָל רעאָרגאַניזירט ווערען. די פּאַרטיי האָט אויסגעאַרבייט א ספּעציעלען פּלאַן צו מאַכען די שולען פאַר אמת'ע פאָלקס־שולען — אַלע קינדער אָהן אויסנאַהם זאָלען האָבען א צוטריט

צו בילדונג, זאָלען ניט געשטערט ווערען דורך עקאָנאָמישע סבות, דורך נויט... א. ז. וו. און זעלבסטפערשטענדליך, אז די פּאַרטיי איז געווען פאַר פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטערשאַפט — דאָס וואָלט געדיענט צו רייניגען דאָס פּאָליטישע לעבען אין פראַנקרייך, וואָלט בעפרייט דעם פּאָליטישען קאַמפּף פון פערזענליכע אמביציעס און לאָקאַלע ווינקעל־פּאָליטיק, וואָלט געמאַכט איהם פאַר מעהר אויסגעהאַלטען און פּרינציפּיעל.

די אַלע פּונקטען זיינען אריינגענומען געוואָרען אין דער וואַהל־פּלאַטפאָרם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויפ'ן קאָנגרעס אין אַמיען. איך בין אויפ'ן קאָנגרעס געווען און קאָן עדות זאָגען, אז זיי האָבען קיין מיינונגס־פערשיעדענהייטען ניט אַרויסגערופען. אַלע האָבען אין פאָראויס צוגעשטימט צו די פּראָגראַם־פּונקטען. א שטרייט איז געווען ארום די פראַגען פון טאַקטיק. דאָ איז געלעגען די הויפּט־שוועריגקייט.

די טאַקטיק איז אַלע מאָל געווען דער קראַנקער אָרט פון דער פראַנצויזישער פּאַרטיי. דאָס קומט פון דער פערהעלטניסמעסיג שוואַכער ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע, און אגב פון דעם, וואָס די פּאַרטיי איז איבערפילט מיט קליין־בירגערליכע אינטעליגענץ, וואָס שפּיעלט אין איהר א פיהרענדע ראָלע. שטענדיג פּרינציפּיעל, אין די פּראָגראַם־פראַגען, אויף דער פּאָזיציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, איז די פּאַרטיי, אין טאַקטישע פראַגען, אָפּט אָבגעטראָטען פון די פּרינציפּען פון קלאַסען־קאַמפּף און נאָכגעגאַנגען פערשיעדענע בורזשואַזע איינפלוסען. אַזוי, בעת דער מגפה פון מיניסטעריאַליזם, מיט צעהן יאָהר צוריק, ווען די פּאַרטיי איז געווען אין בלאָק מיט די ראַדיקאַלען. יענע טאַקטיק האָט אַרויסגערופען א רייה פעררעטהער — די בריאַנס, מילעראַנס, וויוויאַניס... דער אינטערנאַציאָנאַל האָט דיזע טאַקטיק פעראורטיילט, און די פּאַרטיי אַליין האָט איינגעזעהן, אז פּראַקטיש האָט דיזע טאַקטיק זיך אַרויסגעשטעלט אַלס פאַלש. און אגב, האָט דער לינקער־פליגעל — די געדיסטען — בעת עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פעראייניגען די סאָציאַליסטישע פראַקציאָנען אין איין פּאַרטיי, געשטעלט א בעדינגונג — אָבצוזאָגען זיך פון מיניסטעריאַליזם, און די זשאָרעסיסטען האָבען דאָס געמוזט נאָכגעבען.

אָבער דער רעפאָרמיזם — די נייגונג צו בלאָק און מיניסטעריאַליזם — איז ניט אין גאַנצען אָבגעטויט געוואָרען, און אויפ'ן קאָנגרעס אין אַמיען האָט זיך דאָס אַרויסגעשטעלט. און ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטען? אַלס רעדנער פאַר'ן בלאָק איז אַרויסגעטראָטען גוסטאַוו ערווע, וועלכע איז מיט אַזאַ לייכטקייט איבערגעשפּרונגען פון האַלב־אַנאַרכיסטישען רעוואָלוציאָנאַריזם צום עקסטרעמסטען רעפאָרמיזם. די טעאָרעטישע בעגרינדונג פון זיינע אַנשויאונגען איז נאַאיוו ביז גאָר. ווער דאַרף פּרינציפּען? — פרעגט ער. ער לאַכט פון דער „הייליגער תורה פון קאַרל מאַרקס“ און פון די „10 געבאָט פון קלאַסען־קאַמפּף“—און מיט דעמזעלבען פייער ווי ער האָט אַמאָל גערעדט וועגען „דעם חבר־רעוואָלווער“, רעדט ער איצט וועגען צופּאַסען זיך צו דער פּראָגראַם און טאַקטיק פון די בורזשואַזע ראַדיקאַלען. „מיר דאַרפען זיין פּראַקטישע פּאָליטיקער — טענה'ט ער — עס זיינען פאַראַן צווייערליי סאָרטען בורזשואַזיע — א קאַטאָלישער און א פראַנק־מאַסאָנישער. לאָמיר געהן האַנד אין האַנד מיט די פראַנק־מאַסאָנען“. ער פערגעסט איין קלייניגקייט — אַז דער קאַפּיטאַליזם איז נור איינער — ניט קיין קאַטאָלישער און ניט קיין פראַנק־מאַסאָנישער, אז דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער קעמפּפט געגען קאַפּיטאַליזם, מוז זיין פיינדליך צו דער גאַנצער בורזשואַזיע. די פראַנק־מאַסאָנישע מיניסטאָרען האָבען פּונקט אַזוי געשאָסען אויף סטרייקערס, ווי קאַטאָלישע מיניסטאָרען. קאַיאָ אַליין האָט מיט איינינע יאָהר צוריק זיך דערדיענט ביי ערווע דעם נאָמען „קאַיאָ דער בלוטיגער“. און איצט האָט ער פאָרגעשלאָגען, אז דער לאָזונג פון די סאָציאַליסטען ביי די וואַהלען זאָל זיין: „עס לעבע קאַיאָ!“ דאָס וועט אַם שאַרפסטען אָבטיילען די סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען פון די רעכטע.

דיזער ווילדער פאָרשלאַג האָט אַרויסגערופען דעם צאָרן פון ערווע'ס פריהעריגע חברים, די אַנטי־מיליטאַריסטען. „א צווייטער בריאַן“ — האָבען זיי געשריען. ניין, ערווע איז ניט קיין בעוואוסטזיניגער פעררעטהער, ער איז א מענש אָהן פעסטע פּרינציפּען און אָהן טעאָרעטישער פאָרבערייטונג, גיט נאָך דעם איינדרוק פון מאָמענט — א פּאָליטישער אימפּרעסיאָניסט. מיט צעהן יאָהר צוריק וואָלט אַזאַ מענש געווען א געפאַהר, איצט איז די פּאַרטיי שוין אַריבערגעוואַקסען די כל המיני ערוועס, און עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען.

מעגליך, אז אויפ'ן קאָנגרעס זיינען צווישען די ליעדערס געווען נאָך איינינע אָנהענגער פון בלאָק, אָבער זיי האָבען דאָס וואָרט ניט גענומען צו פערטיידיגען זייער שטאַנדפּונקט. און דער קאָנגרעס האָט בעשלאָסען, אז ביי די הויפּט־וואַהלען טרעטען די סאָציאַליסטען ארויס זעלבסטשטענדיג, אונאַבהענגיג פון דער אָדער יענער פּאַרטיי.

.4

צום זיעג!

דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט פיהלט אַזאַ עקעל צו א בלאָק מיט די ראַדיקאַלען, אז קיינער, אויסער ערווע, האָט ניט געוואַגט זיך איינצושטעלען פאַר אַזאַ בלאָק. דער פּאַרטיי־

צענטער האָט פערפליכטעט אַלע אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס אַרויסצושטעלען קאַנדידאַטען — אפילו דאָרט, וואו עס איז קיין שאַנס ניטאָ צו געווינען — זאָל מען צעהלען די שטימען. ביי די הויפּט־וואַהלען זאָל אַגיטירט ווערען פאַר די פולע סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרם און ערשט ביי די שטיכוואַהלען זאָלען ערלויבט זיין אָבמאַכען מיט יענע ראַדיקאַלען, וועלכע זיינען געגען 3־יעהריגען מיליטער־דיענסט און פאַר פּראָגרעסיווען איינקונפט־שטייער.

און דער ערפאָלג איז געווען איבער אַלע ערוואַרטונגען. דעם 28טען אַפּריל, ביי די הויפּט־וואַהלען האָט די פּאַרטיי בעקומען 40 מאַנדאַטען, 1½ מיליאָן שטימען זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר איהר—מיט 280 טויזענד מעהר ווי ביי די פריהעריגע וואַהלען. ביי די שטיכוואַהלען, דעם 10טען מאַי, זיינען די סאָציאַליסטען געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די לינקע ראַדיקאַלען, און דאָס האָט זיי געבראַכט נאָך 61 מאַנדאַטען — צוזאַמען 101 מאַנדאַט. אין פּאַרלאַמענט גופא האָבען זיי צו בעקומען נאָך א מאַנדאַט — אַלזאָ 102 מאַנדאַטען געגען 52 פון 1906 — א פ ע ר ד אָ פּ ע ל ו נ ג אין א משך פון 8 יאָהר.

און נאָך איינס האָבען געבראַכט די וואַהלען: די וועהלער האָבען זיך אויסגעלערענט צו שעצען די פּאַרטיי און ניט אָבצוגעבען זייערע שטימען דער אָדער יענער פּערזאָן. די וועהלער האָבען דורכגעוואָרפען דעם אַלטען קאָמונאַר זשאַן אַלעמאַן, וועלכער האָט זיך קורץ פאַר די וואַהלען אָבגעריסען פון דער פּאַרטיי און געבילדעט אן אייגענע פּאַרטייעלע. בלויז איין קאַנדידאַט זיינער איז דורכגעגאַנגען (אין טולאָן). האָפענטליך, וועט אַלעמאַן זיך אין גיכען צוריקקעהרען אין אונזערע רייהען.

און צווייטער מערקווירדיגער פאַל: געווען איז א מיטגליעד פון דער פּאַרטיי הערר ווילם, אַגב אורחא, א יוריסט־קאָנסול פון די גרויסע קאָמפּאַניעס. האָט ער אין געהיים אויפגעהאַלטען פריינדשאַפט מיט בריאַנ׳ען. איינמאָל בעת ער איז געפאָהרען מיט איהם אין אן אויטאָמאָביל, האָט דער אויטאָמאָביל זיך איבערגעקעהרט און ביידע פריינד זיינען אַרויסגעפאַלען. ווען די אַרבייטער, מיטגליעדער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואו ווילם האָט בעלאַנגט, האָבען זיך דאָס דערוואוסט, האָבען זיי געפאָדערט, אז ווילם זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי. אַזוי איז געשעהן. יענער איז תיכף אַריבערגעלאָפען צו די בריאַניסטען, און אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור. געגען איהם איז געלאָפען א סאָציאַליסט, ניט קיין „אנגעזעהענער“, און ווייט ניט אַזאַ אָראַטאָר ווי ווילם, און ער האָט ווילם׳ען בעזיעגט.

אינטערעסאַנט איז אויך דער זיעג פון דעם סאָציאַליסט פאָנסע איבער דער פערקערפערטער רעאַקציע, דעם פריהעריגען פּאָליציי־פּרעפעקט לעפּין.

מאַרסעל סאַמבאָ, דער בעסטער פּובליציסט צווישען די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען, שרייבט וועגען דעם גרויסען סאָציאַליסטישען געווינס: „האָט איהר ווען געהאָפט, אז מיר וועלען אַמאָל זיין אַ הונדערט? דאָס פאָלק און מיר גופא וועלען מעהר ניט קוקען אויף זיך ווי אויף א הייפעלע קעמפּפער, וואָס זיינען פערשפאַרט אין שטייג... מיר זיינען דעם פאָלק׳ס לעצטע האָפנונג, און מיר דאַרפען זיין האָפנונג ניט אָבנאַרען. מיר זיינען די לעצטע קאָרט פון דער רעפּובליק. לאָמיר זשע געווינען דעם קאָן!“

און זיי וועלען געווינען. דער איינדרוק, וואָס דער סאָציאַליסטישער זיעג האָט געמאַכט אויפ׳ן פאָלק, איז אונגעהייער גרויס. אפילו די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען האָבען גענומען אין איילעניש איבערקוקען זייער שטעלונג צום פּאַרלאַמענט. די סירקולײשאָן פון דער פּאַרטיי־פּרעסע איז געשטיגען. און די פּאַרטיי־קאַסע איז פּלוצלונג בעדייכערט געוואָרען. לויט די סטאַטוטען פון דער פּאַרטיי, דאַרפען די סאָצ. דעפּוטאַטען זיך טיילען מיט זייער געהאַלט מיט דער פּאַרטיי־קאַסע. און דאָ האָבען מיר גאַנצע 102 דעפּוטאַטען.

דער פּאַרטיי־צענטער רוהט ניט און רופט די אָרגאַניזאַציעס צו ווייטערדיגער אונערמידליכער טהעטיגקייט. און די רעאַקציאָנערען פון כל המינים רוהען אויך ניט און פאָדערן אויף פּואַנקאַרע ער זאָל נאָכטהאָן דעם ביישפּיעל פון ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו און פונאַנדערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט. וועט ער עס טהאָן, איז א פראַגע. אָבער איינס איז זיכער, דער זיעג פון די סאָציאַליסטען וועט צווינגען די בורזשואַזיע צו בייטען איהר פאַרב. די רעאַקציע וועט זיך שטאַרקען, די קלאַסען־ווידערשפּריכע וועלען זיך פערשאַרפען און די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען מעגען זיך ריכטען אויף נייע אַטאַקעס אין דער נאָהענטער צוקונפט.

לאָמיר זיי ווינשען נייע ערפאָלגען אין קאַמפף פאַר רעוואָלוציע און סאָציאַליזם!

שלום אַש

דער וועג צו זיך

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג)

אין פוילען

קאפּיטעל 21.

אין די בערג.

מערי האָט זיך אויפגעהאַלטען ביי די דריי שוועסטערן, צווישען וועלכע קאָוואַלסקי האָט זי אריינגעפיהרט. די שוועסטערן האָבען געוואָהנט אין דער פויערישער כאַלופּע, הינטער די בערג. זי האָט זיך צווישען די מיידלעך גאַנץ גוט געפיהלט. זיי, די פּויליש־אידישע מיידלעך, מיט זייערע שטימונגען, מיט זייער לעבען, זיינען איהר געפעלען און זי האָט אין זיי געזעהן ווייטע שוועסטערן פון אן אַנדער מוטער, דאָך שוועסטערן. נור אין די אבענדען, ווען די נעכט האָבען צוגעדעקט די בערג און פון אויבען האָט אראָבגעפינקעלט דער ווייסער שנעע, בעשיינט אין לבנה־ליכט, האָט עס איהר הארץ געצויגען און זי איז אויסגעגאַנגען פאַר בענקשאַפט. נור זי האָט דאָס געפיהל פערשטיקט אין זיך, און געפּרובט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען צו פערגעסען אָן איהר ליעבע צו קאָוואַלסקי׳ן.

די מיידלעך האָבען געלערנט מיט איהר פּויליש און איהר זיינען זעהר געפעלען דער קלאַנג פון דער שפּראַך און די געדיכטע פון די פּוילישע דיכטער. זי האָט זיך געשטאַרקט צו רעדען פּויליש, אָנצונעהמען די פּוילישע מאַניערען און צו האַלטען זיך אויף פאַר א פּוילישע.

א חוץ בויטשאָק׳ן, דער פּויער־מאַלער, וואָס איז געווען העלענעס (דער עלטערערס) חתן, איז אויך אריינגעקומען צו די מיידלעך סטאַך, א יונגער סטודענט, וואָס האָט געהאַט געענדיגט וואַלד־אינסטיטוט און זיך אויפגעהאַלטען אין די גיטער פון גראַף פּאַטאָצקי אויף פּראַקטיק. ער האָט זיך גע׳שדכנ׳ט צו דער צווייטער מיידעל פון די שוועסטער׳ן — צו מאַטילדען, אָדער די „נאַכט“, ווי זיי האָבען זי גערופען. דער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך אויך בעשעפטיגט מיט פילאָזאָפיע און איז געווען א נאַטור־מענש, האָט נאָך צייט געהאַט צו געהערען צו דער פּאַרטיי, איז נור וואָס געהאַט געקומען פון דער טורמע, און ער האָט געהאַט א חשק זעהר פיעל צו רעדען. ער האָט קיינעם נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. איבריגענס, איז ער געווען זעהר לוסטיג און אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט. דעם האָבען זיי גערופען: „דער פּראַקטיקער“ פון דער חברה, ווייל ער איינער האָט זיך אָבגעגעבען מיט די „פינאַנסען“, געשאַפט געלד, בעצאָהלט דער גויה פאַר דער וואָהנונג, געקויפט ברויט (האָניג איז געווען פון בויטשאָק׳ס טונדעל, וואָס דער פאָטער האָט איהם געשיקט). ליעב האָט ער געהאַט די כלה זיינע — א שרעק! נור דאָס מיידעל, וואָס איז געווען געראָטען אין דער מוטער — א מיסטישע, מיט שטימונגען — פלעגט אויף גאַנצע נעכט פערשוואונדען ווערען אין די וועלדער, גע׳חבר׳ט זיך מיט די קאָזעס אין וואַלד און בעהאַנדעלט איהר חתן — א רחמנות צו קוקען. זי האָט איהם געהאַלטען צעהן איילען פון דער ווייטענס פון זיך און נישט גערעדט צו איהם קיין גוט וואָרט. נור, וואָס ערגער דאָס מיידעל האָט איהם בעהאַנדעלט, אַלץ מעהר האָט דער הויכער שטאַרקער גוי (וועלכער איז דריי מאָל אזוי גרוים געווען ווי דאָס מיידעל)—אַלץ מעהר האָט ער זי ליעב געהאַט און אויסגעגאַנגען נאָך איהר.

דער „ראַבין“ פון דער געזעלשאַפט איז געווען קרעמער. א אידישער יונגערמאַן, פון א רייך בורזשואַזיש־אידיש הויז, וועלכער איז אין לעבען געווען אין גאַנצען אַסימילירט (געלעבט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, גערעדט פּויליש און נישט פערשטאַנען קיין אידיש וואָרט), איז אין דער טעאָריע געווען א אידישער נאַציאָנאַליסט, געהערט צום „בונד“, און ארומגעקריגט זיך מיט די פּוילישע חברים איבער זיינע „ווילדע“ אידעען. ער האָט דאָרט געוואָהנט מיט זיין פרוי און קינד, וועלכע זיינען געווען קריסטען, און ער אַליין, דער איינאיינציגער פעראיינזאַמטער, האָט געשריעבען איבער דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע, גערופען צום קאַמפּף א מאַסע, וועלכע ער האָט נישט געקענט, אין א שפּראַך, וועלכע ער האָט נישט פערשטאַנען. מיט זיינע דריי און צוואַנציג יאָהר האָט

ער זיך שוין געהאַט אַרומגעוואַלגערט אין אַלע טורמעס פון רוסלאַנד. דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען צו בעלייגען עקזאַמען און צו מאַכען זיין אַדוואָקאַטור־פּראַוו, צו שרייבען זיינע אַרטיקלען און דערביי ווייטער צו לערנען. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווען קרעמער האָט צייט אויף דעם אַלעם. קוים פון איין טורמע אַרויסגעלאָזט, האָט ער באַלד זיך בעוויזען אויף דער אַרענאַ פון געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט, אַרויסגעטראָטען אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען פאַר די וואַהלען. זיין פּוילישע בילדונג, זיין אַסימילאַטאָרישער אָבשטאַם און זיין הייסער טעמפּעראַמענט — דאָס האָט איהם פערשאַפט אַכטונג צווישען אַלע פּאַרטייען, און ער האָט אָנגעמאַכט מיט זיינע רייד און אויספיהרונגען גרויסע צרות די וואַרשעווער אידישע אַסימילאַטאָרען. ענדליך האָט מען איהם אַרויסגעשיקט פון רוסלאַנד. ער האָט געוואָלט באַלד צוריק אַריינלויפען, האָט זיך דאָס ווייב אָבגעבעטען אָפּרוהען א קליינע צייט און לעבען אין איינעם (שוין געהאַט איבערגעאַרבייט דאָס ווייב אויף זיין שטייגער). האָט ער זיך דאָרט בעזעצט ניט ווייט פון דער גאַנצער חברה, און פון דאָרט האָט ער אַוועקגעשיקט זיינע אַרטיקלען, זיינע פּראָקלאַמאַציעס, זיינע אויפרופען, וואָס מען האָט איבערזעצט אין אַ פרעמדע שפּראַך, וועלכע האָבען גערופען א מאַסע צום קאַמפּף, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט. אָט דער דריי און צוואַנציג יאָהריגער יונגער מאַן, מיט וועלכען אַלע פּאַרטייען האָבען זיך גערעכענט, איז געווען תמיד לוסטיג און שטיפעריש. זיין קינד, וועלכעס האָט געהייסען אין דער משפחה „דאָס קינד פון דער גערעכטער אָרדנונג“ (ווייל ער האָט קיין חופה וקידושין נישט גענומען מיט זיין ווייב), איז געווען דאָס פרייד און דאָס גליק פון די מיידלעך. מיט זיין פרוי, וועלכע איז אַליין געווען אַ פּויליש־רוסישע, האָט זיך מערי אַם בעסטען בעפריינדעט, און איהר קינד האָט זי ליעב געהאַט און זיך דערמיט געשפּיעלט. דאָ, צווישען די מענשען, האָט מערי צום ערשטען מאָל דערזעהן, אַז אויסער פּערזענליכעם גליק איז נאָך פאַרהאַן אַן אַנדער גליק און אַן אַנדער לעבען, וואָס איידעלט אויס דעם מענשען און גיט איהם אַ גליק, וואָס קיין מענש קען ניט געבען דעם צווייטען. דאָס איז דאָס גליק, וואָס יעדער מענש גיט זיך זעלבסט; דאָס איז דאָס גליק פון אידעאַל. זי האָט געזעהן, ווי די מענשען זיינען תמיד פרעהליך, און מיט גרויס פרייד געהען זיי צו זייער אַרבייט, וואָס שטעלט זייער אייגען לעבען און גליק אין געפאַהר פאַר אַ העכערעס, פאַר אַ איידעלערעס, וואָס בינדט איין מענש מיט דעם צווייטען און בינדט איהם צונויף מיט ־עם גאַנצען כלל און מיט דער גרויסער, גרויסער צוקונפט.

נור מערי האָט דאָס נור פון דער ווייטען דערזעהן דאָס גליק. זי האָט דאָס אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אָבער נאָכטהאָן וואָלט זי נישט געקאָנט. זי איז בעשאַפען פאַר איהר אייגענעם לעבען...

זי האָט זיך אָבער דערווייל געפיהלט מיט זיי גוט, אָנגעוואַרימט זיך אָן זייער גליק און געמיינט, אַז זי געהערט אויך דאָרט אַהין... אָן קאָוואַלסקי'ן האָט זי געוואָלט און געמוזט פערגעסען. זי האָט געקלערט אַ מאָמענט וועגען איבערבעטען זיך מיט'ן טאַטען, זי האָט געשריעבען אַ בריעף קיין בערלין, אין וועלכען זי האָט איהר פאָטער מיטגעטיילט, אַז זי איז זעהר אויפגערעגט געווען און זי מוז זיך בערוהיגען, דורך דעם איז זי אַוועקגעפאָהרען קיין זאַקאָפּאַנע אין די געבירג. דאָ איז איהר גוט, עס וועט זיך גוט אָברופען אויף איהר געזונד. פון בערלין האָט זי געקריגען אַ טשעק צוגעשיקט, אָהן אַ בריעף, פון וואָס זי האָט געזעהן, אַז איהר פאָטער איז זעהר ברוגז. זי האָט זיך בעליידיגט, אָבגעשיקט צוריק דעם טשעק, אויף אָהן איין וואָרט, און געוואוסט, אַז זי האָט שוין מעהר ניט קיין היים און זי איז פון איצט אָן אויף זיך אַליין אָנגעוויזען.

קאַפּיטעל 22.

דער איבערפאַל.

איינמאָל ביינאַכט, ווען די מיידלעך — די שוועסטער'ן בלום און מערי — זיינען געשמאַק געשלאָפען אין דער גרויסער פּויערישער חאַלופּע, הינטער די בערג, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין די לאָדען. די מיידלעך האָבען זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקען און פערוואונדערט, און געפרעגט: „ווער דאָרט?“ — פון דרויסען האָט אָבגעענטפערט אַ שטים, אָן וועלכער זיי האָבען דערקענט זייער ברודער יאַש, וואָס איז געווען איבערגעבליבען אין וואַרשוי ביי דער „אַרבייט“. זיי האָבען זיך דערפרעהט, פלינק זיך אָנגעטהאָן און אַרויס צום ברודער אַנטקעגען. ביי דער שיין פון דער לאָמפּ האָבען זיי אָבער באַלד געמוזט אָבטרעטען. דעם ברודער האָט אַריינגעפיהרט אַ צווייטער יונגערמאַן, ער אַליין האָט נישט געקענט געהן, איז געווען בלייך, פערבונדען און געהאַלטען זיך ביי דער זייט. דער ברודער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, נור, בעמערקענדיג מערי'ן, איז ער פערשטומט געוואָרען און געפרעגט די שוועסטערן מיט אַ בליק — אויף איהר. די שוועסטערן האָבען איהם בערוהיגט מיט די בליקען, און דער צווייטער יונגערמאַן האָט זיך אָנגערופען: „יאַש איז פערוואונדעט, מען דאַרף איהם לייגען אין בעט און עס דאַרף זיין קאָנספּיראַטיוו, די פּאָליציי זוכט איהם“.

די שוועסטערן האָבען זיך גענומען דעם ברודער אויסצוטהאָן. ער האָט ניט געקענט אויסריידען א וואָרט, נור געביסען זיינע בלייכע ליפּען פאַר צער. זיי האָבען איהם אריינגעלעגט אין ערשטען בעסטען בעט.

— וואָס זאָלען מיר טהאָן, חבר ? — פרעגען די מיידלעך דעם יונגען מאַן.

— גאָרנישט. האַלט איהם דאָ א פּאָאר טעג, ביז עס וועט איהם בעסער ווערען. רופט א דאָקטאָר, נור אַן אונזערן. דאָס איבריגע וועט ער אייך אליין שוין זאָגען. איך מוז אַוועק. עס איז גלייכער. די הינד זיינען אויף אונזער שפּור, רוסישע שפּיאָנען. עס איז בעסער אז איך טראָג זיך אָב. האָט איהר דאָ ניט וואָהנען קיינעם פון די חברים ?

— יאָ. סטאַניסלאַוו וואָהנט דאָ נישט ווייט.

— „דער רויטער“ ! — שרייט אויס דער פרעמדער יונגערמאַן — געהט רופט איהם.

מאַטילדאַ מיט מערי׳ן זיינען אוועק ביינאַכט צו סטאַניסלאַוו׳ן — דעם סטודענט, איהר חתן, וואָס האָט געוואָהנט נישט ווייט פון זיי — געוועקט איהם דורך דעם לאָדען, און ער האָט אויך דערשראָקען געעפענט דעם לאָדען. דערזעהענדיג די מיידלעך אין די טיכער ארומגעהילט, פערוואונדערט זיך.

— קום אהין, מען דארף דיך !

אז דער יונגערמאַן איז אהינגעקומען, האָבען זיך די חברים דערקענט. זיי האָבען אינאיינעם געהאַט „געאַרבייט“ אין וואַרשוי, אינאיינעם אריינגעפאַלען, געזעסען צוזאַמען.

— סטאַך ?

— טאָוואַרישטש, וואָס איז געשעהן ?

דער „טאָוואַרישטש“ וואַרפט נאָך אמאָל א בליק אויף מערי׳ן, מערי וויל ארויס פון שטוב, די מיידלעך לאָזען זי נישט. ער האָט זיך נישט וואָס צו קרעמפּירען. א אונזעריגע.

ער הויבט אָן צו דערצעהלען.

— „זיי האָבען געקריגען א ידיעה פון אַן אייגענעם, אז אין א געוויסע שטאָדט, ביי דער גרענעץ, דארף מען איבערטראַנספּאָרטירען מיט דער פּאָסט א גרויסע סומע געלד אין די גובערנסקע שטאָדט. קיין באַהן איז דאָרט נישטאָ, נור די פּאָסט פיהרט מען מיט פערד „פּאָד קאָנוואָי“. די „באָיאָווקע“ האָט אָרגאַניזירט א אָנפאַל. דער אָנפאַל האָט זיך איינגעגעבען. דאָס געלד האָבען זיי ארויסגעקריגען. צוויי זעלנער טויט און א פּאָאר פערוואונדעט. און פון זייער זייט איין חבר געפאַלען און יאַש פערוואונדעט. שטיקער פון דער באָמבע זיצען אין איהם. זיי זיינען אריבער דורך דער גרענעץ. א פּויער, א אייגענער מענש, האָט זיי מיט א שיפעל איבער דעם טייך אריבערגעשיפט. זעלנער האָבען געשאָסען, זיי זיינען דורכגעקומען. האָבען אָבער אויף דער זייט גרענעץ דערזעהן רוסישע שפּיאָנען, וואָס האָבען בעמערקט, אז יאַש איז פערוואונדעט. אין א קליין שטעדטעל, שוין אויף דער זייט גרענעץ, האָט זיי דער סטאַרעוואַ ארעסטירט. די שפּיאָנען האָבען אָנגעוויזען אויף זיי. רוסלאַנד פאָדערט זיי ארויס. ביינאַכט האָט זיי דער סטאַרעוואַ ארויסגעלאָזט (אונטערגעקויפט). זיי זיינען אנטלאָפען, מורא געהאַט צו פאָהרען מיט דער באַהן, אז די שפּיאָנען זאָלען זיי נישט בעמערקען. זיינען געפאָהרען מיט פוהרען, אהער געקומען, דאָ. יאַש׳ן דארף מען בעהאַלטען ערגעץ־וואו, אין געהיים, א פּאָאר וואָכען ביז זיין שפּור וועט פערשווינדען. ער מוז גלייך אוועק כדי ער זאָל נישט אויפפאַלען. די שפּיאָנען זיינען אומעטום דאָ. רוסלאַנד וועט פערלאַנגען מען זאָל זיי ארויסגעבען, ווי איינפאַכע רויבער. ער מוז נאָך ביינאַכט אוועק“.

דער יונגערמאַן האָט זיך פערבויגען פאַר די מיידלעך, פערלאַנגט נור מילך צו טרינקען, וואָס ער האָט מיט איין זופּ אויסגעטרונקען, צו צו יאַש׳ן און איבערגערעדט מיט איהם אין דער שטיל, געזעגענט זיך מיט סטאַך׳ן און איז ארויס צוריק אין דער פינסטערער נאַכט, פון וואַנען ער איז געקומען.

מען האָט בעדאַרפט עפּעס טהאָן מיט יאַש׳ן. דער יונג האָט איבערגעטראָגען די גרעסטע ענוים, וואָס די וואונדען האָבען איהם פערשאַפען אויף דעם געפעהרליכען וועג. פערשטיקט דעם צער און דעם געשריי אין זיך און געפּרובט מאַכען מיט אַלע מעגליכקייטען א לעבעדיג פרעהליך געזיכט, מען זאָל נישט בעמערקען, אז ער איז פערוואונדעט. און איצט דאָ, אין דעם ווייכען מיידעלשען בעט, האָט ער נישט געקענט איבערטראָגען און אָנגעהויבען צו קלאָגען, צו קרעכצען, און עס האָבען זיך געריסען פון איהם געשרייען. מען האָט איהם באַלד בעדאַרפט העלפען. די מיידלעך האָבען באַלד א פייער געמאַכט, הייס וואַסער געקאָכט און אָנגעהויבען איהם די וואונדען צו וואַשען, צו וועלכע דער יונג האָט זיך נישט געלאָזט צוריהרען. סטאַך איז אוועק אין שטאָדט ברענגען א בעקאַנטען דאָקטאָר, וועלכער געהערט אויך צו דער פּאַרטיי, וואָס איז נישט געווען ווינציג אין יענער צייט אין זאַקאָפּאַנע. עס האָט געדויערט צו לאַנג, דער יונג האָט געשריען און האָט געוויינט. די מיטעלסטע, מאַטילדע, איז ערגעץ־וואו אין די בערג געגאַנגען ביינאַכט. די איינציגע, וועלכע זיינען דאָרט געבליבען, זיינען געווען מערי און די אינגערע שוועסטער זאשקע. זאשקע האָט איהם געקושט דעם קאָפּ, געהאַלזט איהם. מערי האָט זיך נישט פערלוירען, איז ערנסט געוואָרען, און גענומען זיך צו טהאָן. האָט וואַרים וואַסער געקאָכט, טיכער גענעצט און

געלייגט אויף זיינע וואונדען, און דאָס האָט אַביסעל דעם צער געמילדערט. אין א צוויי שעה ארום זיינען אָנגעקומען דער דאָקטאָר מיט סטאַף'ן. דער דאָקטאָר, א יונגער און א שעהנער, אליין א חבר — אַלע געדוצט, האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט. דערזעהען מערי'ן ביים קראַנקען, האָט ער זי גענומען צו העלפען איהם, האָט איהם אָבגעוואַשט די ראַנעס און דערזעהען, אז לעבענס־געפעהרליך זיינען זיי נישט. מען דאַרף נור די שטיקער ארויסנעהמען, וואָרים פון דער צו שטאַרקער בעוועגונג אויף דער פוהר, איז דאָס אַלעס געשוואָלען געוואָרען, פערלאָפען. ער האָט מורא געהאַט, אז דאָס זאָל נישט אָנהויבען צו ראָפירען, עס זאָל זיך נישט ענטוויקלען קיין בלוט־פערגיפטונג. דערווייל האָט מען גאָרנישט געקענט טהאָן, דער קראַנקער האָט געדאַרפט רוהע. און אליין קען ער דאָס נישט מאַכען, ער מוז האָבען נאָך א קאָלעגע א כירורג, מאָרגען וועט ער אזעלכען שאַפען. אין שטוב פון די שוועסטערן האָט מען איהם נישט געקענט האַלטען. מען האָט געוואוסט אין דער שטאָדט, אז די שוועסטערן בלום וואָהנען דאָרט, און ביי זיי קומען זיך צונויף די חברים. א רוסישער שפּיאָן האָט לייכט געקענט געוואָהר ווערען פון דעם פערוואונדעטען, וואָס האַלט זיך דאָ אויף. און דער אָנפאַל אויף דער פּאָסט איז געווען בעקאַנט, וואָרים זיי האָבען צוגענומען א גרויסע סומע געלד. עס איז געוואָרען בעשטימט, מען זאָל איצט גלייך יאַש'ן איבערפיהרען אין א בעזונדערען צימער, דערנאָך, אז מען וועט מאַכען די אָפּעראַציע און ארויסנעהמען די שטיקער אייזען, טאָר ער זיך נישט בעוועגען. מען זאָל זוכען א שטוב צווישען זיכערע מענשען. און בלייבען זאָל ביים קראַנקען — מערי. מערי איז קאַלטבלוטיגער פון די שוועסטערן, וועט זיך רוהיגער קענען אָבגעבען מיט דעם קראַנקען. דער דאָקטאָר מיט סטאַף'ן האָבען אָנגענומען דאָס בעט, אויף וועלכען יאַש איז געלעגען, און איבערגעטראָגען איהם מיט'ן בעט צו סטאַף'ן. אין דרויסען איז נאָך פינסטער געווען, און קיינער האָט נישט בעמערקט. מערי האָט זיי געלויכטען מיט א ליכט. אריינגעטראָגען האָט מען איהם צו סטאַף'ן און איבערגעלאָזט מערי'ן מיט סטאַף'ן ביי איהם. צו מאָרגענס איז טאַקע דער דאָקטאָר געקומען מיט א קאָלעגע און גענומען זיך צו דער אָפּעראַציע. די שוועסטערן האָט מען נישט צוגעלאָזט, נור מערי'ן און סטאַף'ן. די אָפּעראַציע איז גוט אדורך, נור דער יונג איז אריינגעפאַלען אין אָהנמאַכט און געבליבען בעוואוסטלאָז איינינע טעג. ביים בעט נעבען איהם איז געזעסען מערי.

קאַפּיטעל 23.

א י ן נ ע פּ ע ל.

אין די בערג איז געלעגען א געדיכטער נעפּעל און האָט פערשטעלט דעם וועג פאַר די טריט. גאָרנישט איז געווען צו זעהן, נור דאָס גרויע, אונפאָרמדיגע, וואָס האָט זיך גערויבערט איבער'ן קאָפּ און אראָבגעדריקט דעם מענשען צו דער ערד. עס האָט אויסגעזעהן, ווי די נאַטור וואָלט דעם מענשען געוואָלט צוריק דערמאָהנען, אז ער איז א וואָרים און קריכט אויף דער ערד און טאָר נישט אויפהויבען זיין בליק צום הימעל. א געדיכטער, אונהיימליכער רעגען האָט געגאָסען אין דעם נעפּעל. די גרעזער, געוויקסען, קוסטען, פעלד און בוימער זיינען געווען אָנגעזאַפּט ווי א שוואָם מיט פייכטקייט און געגאָסען פון זיך וואַסער.

מערי איז ווי א וואָרים געגאַנגען אליין צווישען די גרעזער אין דעם הענגענדען נעפּעל. זי האָט ניט געוואוסט, וואו צו געהן און וואָס צו טהאָן. עס איז איהר ענג געוואָרען — ענג די וועלט, ענג דאָס לעבען און ענג דאָס בענקען. וואָכען לאַנג איז זי אָבגעזעסען ביים קראַנקען יאַש ביים בעט. זי האָט געקוקט אויף זיין ווייסען האַלז, אויף זיינע ציטערדיגע נאָז־לעכער, אויף דעם געעפענטען מויל און די צייהן, וואָס קוקען ארויס פון דעם מויל און געקלערט האָט זי וועגען קאָוואַלסקי'ן... צו ערשט האָט זי דער יונג נישט דערקענט, צו שוואַך געווען, דערנאָך, אז ער האָט זי דערקענט, איז ער געקומען צו זיך און האָט זי אָנגעהויבען צו בעמערקען — די שעהנע „ליטוויטשקע". דער קראַנקער האָט געקוקט אויף איהרע הענד, ווי זי דערלאַנגט איהם עפּעס. תמיד געקוקט אויף איהרע הענד, און איהר האָט זיין בליק געבריהט, ווי עס וואָלט זי אָנגעריהרט א טמא זאַך...

נור איהר איז ענג געוואָרען, ענג אין די בערג, און האָט פיינד בעקומען זיי. און זי האָט עס נישט אויסהאַלטען געקענט. אין נעפּעל, אין וואָלקען, ווען דאָס לייגט זיך איבער דער ערד און דריקט דיך צו און נעהמט דיר אוועק דעם הימעל פון די אויגען, די ברייטקייט, די לופט — די וועלט איז ווי א וואַנד, אז דו האָסט מורא די הענד אויסצוציהען, דו זאָלסט דיך נישט אָהן איהר אָנקלאַפּען — אין אַזאַ טאָג האָט זי דעם קראַנקען איבערגעלאָזט, געכאַפּט א טוך איבער'ן קאָפּ און געקראָכען אין די בערג. דורכגענעצט פון רעגען האָבען זיך די האָהר געקלעפּט אויף איהר לייב, איהר דינע זיידענע בלוזע אונטער דעם טוך איז שוין פייכט געוואָרען און די פיס האָבען געדרופּטשעט אין דער בלאָטע. זי האָט זיך אויסגעגליטשט — אַרום איהר זיינען געווען הונ־

דערטער קלאַפּטער טיעפע תהומ׳ן, וואָס האָבען זיך געשפּאָלטען אין די בערג, און יעדען אויגענבליק האָט זי זיך געקענט אריינוואַלגערן אין אַזאַ אָבגרונד און איהר פלייש און איהר בלוט וואָלט ווי א דינער פריהלינגס־רעגען בעשפּריצט די האַרטע בייזע סקאַלע, וואָס איז איצט געווען פערהילט אין נעפּעל. צו האָט זי געוואוסט דערפון? יאָ. און דאָך איז זי געגאַנגען, און אפשר האָט זי געוואָלט דאָס. זי האָט זיך פון צייט צו צייט אָנגעכאַפּט אָן א פייכטען בוים און איז שטעהן געבליבען, און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אז זי איז פערשאָלטען געוואָרען אין אַזאַ בוים, אָדער אַז אַזאַ בוים איז פערשאָלטען געוואָרען אין איהר און זי געהערט דאָ אהער, דאָ אין דעם נעפּעל אריין — צו שטעהן אזוי ווי דער בוים, צולאָזט די האָר איבער׳ן נאַקעטען לייב און דער רעגען זאָל שמייסען, שמייסען...

וואוהין האָט עס זי געצויגען? צי האָט זי געוואוסט! אין איהר איז א אינערליך פייער געזעסען און די לופט, און די וועלט איז ענג געוואָרען און זי איז געגאַנגען וואו עס האָט זי געצויגען — זי האָט איין מינוט נישט געקלערט דערפון, אז דאָס שלעפּט זי זיך צו איהם, צו קאָוואַלסקי׳ן — און דאָך איז זי געגאַנגען. איז געבליבען שטעהן ביי זיין טהיר, הינטער דער טהיר פון דער פויערטע, ביי וועלכע ער האָט געוואָהנט.

די טהיר איז געווען אָפען, און דער כאַלופּע האָט געברענט א פייער פון טרוקענע צווייגען אונטער דעם קוימען, און דער רויך האָט נישט געהאַט וואו צו לויפען, נור אין דער שטוב אריין. אָן דעם פייער האָבען די איינוואָהנער זיך געוואַרעמט און געטריקענט. נור דער רויך איז שוין געווען אזוי געדיכט און שטיקענד, אז זיי האָבען געמוזט די טהיר עפענען. מערי איז געבליבען שטעהן, נור דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעזאָגט, אז דאָ איז ער, און זי האָט אריינגעקוקט דורך דער טהיר, אוועקגעזעצט זיך אין רעגען הינטער דער טהיר. דרינען איז געווען א גערודער. א קינד האָט געוויינט. די גויה האָט געשאָלטען און געשריגען און געגוואַלדעוועט. זי איז בייז געווען. און קאָוואַלסקי האָט זיך וואָס א מאָל מעהר איינגעקאָרטשעט און געלעגען און געוויגט מיט א שטריק דאָס קינד, וואָס איז געלעגען אין א וויעגעל, וואָס איז געהאַנגען ביים באַלקען. מערי האָט עס שוין נישט מעהר געקענט אויסהאַלטען — זי האָט אויפגעשריגען און איז אַנידערגעפאַלען הינטער דער טהיר.

זיי האָבען זי אין דער שטוב אריינגעבראַכט. זי איז געווען א בלייכע, און האָט נישט געקענט קיין וואָרט פון מויל ארויסברענגען. אָבגעראַטעוועט זי מיט וואַסער, אָבגעוואַשען און אויסגעטהאָן איהר די נאַסע קליידער און אַוועקגעלייגט צום פייער טריקענען. די גויה האָט איהר געגעבען אַזאַ ווילדען וויין צו טרינקען, פון וועלכען זי האָט באַלד די אויגען געעפענט און געקומען צו זיך. זיי האָבען זיך פערוואונדערט: „ווי האָסטו עס געוואַגט אין אַזאַ וועטער דאָ ארויף צו קומען, אין אַזאַ נעפּעל!"

— איך האָב פערבלאָנדזשעט. איך האָב נישט געוואוסט ווי צו געהן. זייט מוחל — האָט מערי געשטאַמעלט אונפערשטענדליך.

— פערבלאָנדזשעט, שעהן פערבלאָנדזשעט. נאָך אמאָל, מיין פריילין, אַזאַ פערבלאָנדזשען שמעקט מיט׳ן טויט. אַז דער טויט איז ליעב, קען מען איהם אונטען אין טהאָל אויך געפינען. דאַרף מען נישט קריכען אין די בערג. — האָט זיך די גויה געבייזערט.

קאָוואַלסקי האָט די גויה געוואָלט בערוהיגען, רופט ער זיך אָן: „זעה, די פּאַנענקע איז דאָך שוואַך, בייזער זיך נישט. זי איז דאָך דיין גאַסט".

— און דאָס וועט זיך נאָך אָנרופען דאָ— שרייט די גויה אויף קאָוואַלסקי׳ן, ווי זי וואָלט אויף איהם דעם גאַנצען צאָרן געוואָלט אויסגיסען — דו האָסט זיך גאָרנישט דאָ אָנצורופען. דו האָסט צו ליגען ווי א הונד דאָרט און צו מילשען, דו בחנם־פרעסער, ליידיג־געהר, וואָס האָט נישט קיין צוויי גראָשען ביי לייב. ער וועט זיך נאָך אָנרופען.

— זי איז היינט אין א שלעכטען הומאָר — שמייכעלט קאָוואַלסקי — זי איז נישט שטענדיג אזוי, מיין גוטע בעל הבית׳טע. היינט איז זי נור אזוי. דאָס קינד אויסגעשלאָגען, די טעלער צובראָכען, וועט זיך באַלד צו מיר אויך נעהמען.

— איך וועל דיר דאָ ווייזען אין א שלעכטען הומאָר, דו הונדען־בלוט איינס. איך האָב פיינד, אז מען קריכט דאָ צו מיר, איך וויל עס נישט ליידען. מעג עס זיין דיין שוועסטער־קינד, אָדער נישט קיין שוועסטער־קינד. אהאַ, איך קען שוין אַזעלכע „קוזינעס". איך ליעב נישט, אז מען קוקט אין פרעמדע טעפּ אריין.

מערי רייסט זיך אויף פון פייער.

— ווי ביזטו שלעכט, יאדוויגאַ, אה! — רופט אויס קאָוואַלסקי.

— וויל איך אזוי זיין, און ווער וועט מיר עפּעס טהאָן דערפאַר. עס איז מיין כאַלופּע, און באַסטאַ. און איך קען טהאָן, וואָס איך וויל!

מערי איז ארויס פון שטוב.

— וואו געהסט דו אין אַזאַ וועטער, וואַרט, איך וועל דיך אראָב בעגלייטען. דער וועג איז געפעהרליך — זאָגט קאָוואַלסקי און וויל ארויס מיט מערי׳ן.

— דו ליעג דאָ, וויעג דאָס קינד, היט די כאַלופּע, איך וועל שוין די פּאַנענקע אראָב

בעגלייטען — זאָגט די גויה און פיהרט ארויס מערי'ן.

זיי זיינען געגאַנגען איבער'ן וועג שווייגענדיג. וואו עס איז געקומען צו א גליטשיגען שטעג, וואו דער וועג איז געווען געפעהרליך, האָט זי די גויה אָהן ווערטער אַנגענומען, ווי מען נעהמט אָן א קינד, ביי דער האַנד און זי אריבערגעטראָגען די געפעהרליכע שטעלע. ביז זי האָט זי אַראָבגעבראַכט צום גלייכען וועג, וואָס פיהרט זי צו איהר הויז. דאָ האָט זי די גויה אָבגעלאָזט און נאָכגעשריגען איהר:

— און אז „פּאַנענקע“ וועט זיך וועלען דעם קאָפּ צוברעכען, זאָל זי זיך אַנדערש וואו זוכען, נישט דאָ אויבען, אין דער הויף, אין די בערג. אין שטוב ביי מיר שטעהט א בעזים און אויף דער וואַנד הענגט א וואָלגערהאָלץ...

קאַפּיטעל 24.

נקמה.

מיט א צופלאָמט געזיכט און דורכגענעצטע קליידער אין מערי אריין אין דער גרויסער שטוב צו די מיידלעך. עס איז שוין געווען טונקעל, נור בעלויכטען מיט'ן שיין פון דעם אויווען, וואָס האָט זיך געברענט אין ווינקעל שטוב. ביים אויווען זיינען טאַקע געזעסען די מיידלעך, מיט זייערע חתנים, און איינער פון זיי האָט עפּעס פּערצעהלט א לוסטיגע געשיכטע, פון וועלכער עס האָט אין דער שטוב אָבגעקלונגען זייער לויט לאַכען. די מיידלעך האָבען זיך דערפרעהט מיט איהר: „וואו ביזטו געווען? מיר האָבען דיך געזוכט. קום אהער, קום אהער, זאשקע איז ביי סטאַך'ן“. „ניין, איך בעדאַרף נאָך עפּעס אין מיין צימער“. זי איז אריין אין איהר צימער'ל. זי האָט זיך פלינק איבערגעטהאָן. ביי זיך האָט זי נישט געקענט זיין. עס האָט זי געדריקט די איינזאַמקייט און די ערנידרונג. זי איז ארויס. די מיידלעך מיט די חתנים און זייער לאַכען האָט זי אויף נישט געקענט איצט איבערטראָגען. — „וואוהין געהסט דו?“ — „איך וויל בייטען זאשקען“. — „וואַרט, מיר וועלען אַלע אין אבענד אהין קומען“. — „קומט, קומט, און ברענגט מיר מיט עסען“ — איז זי לייכט ארויס פון שטוב, מיט א שמייכעלע אויפ'ן געזיכט. זי איז אריינגעקומען צום קראַנקען.

— „מערי! וואו ביזטו געווען?“ — פרעגט זי זאשקע. —מיר האָבען דיך אומעטום געזוכט. זעה, יאַש וויל נישט עסען פון מיר. ער וואַרט, ביז דו וועסט איהם געבען עסען — ער זאָגט, אז דו מאַכסט עס לייכטער. ער האָט זיך אויך נישט געלאָזט פערבינדען פון מיר די וואונד — ער זאָגט, אז איך האָב א שווערע האַנד, און דו טהוסט עס אָהן שמערצען. — און דער קראַנקער יונג קוקט ארויס פון בעט מיט אזעלכע גרויסע אויגען און שמייכעלט:

— ניין, זאשקע, דו מאַכסט עס נישט אזוי ווי מערי. מערי מאַכט עס לייכט. יאָ, יאָ, איך ליעב זעהר, אז מערי טהוט דאָס.

— איך בין געווען ביי סטעפּאַנ'ען, ביים גאַראַל, אין דער סטאַדאָלע. עס רעגענט, דרעשט ער. אין דער סטאַדאָלע איז א פּולע קאַמער מיט היי. איך האָב זיך אין היי ארומגעוואַלגערט, דורך דעם דאַך האָט אריינגערעגענט, און דער סטעפּאַן איז אזוי גראָב, די פּויערים זיינען אזוי גראָב — גרעבער ווי ביי אונז — זאָגט מערי און קוקט אויף די בלייכע נאָז פון קראַנקען, אויף זיינע פערשמאַכטע ליפּען, אויף די בעלעבטע, בעטרערטע אויגען, וואָס קוקען צו איהר ארויס. זי ווייסט, ער ליידט איצט. ער איז פערליעבט אין איהר (און סטעפּאַן איז א יונגער שגץ). און זי האָט א פערגניגען איהם צו פּייניגען איצט. — „אָ, איך וואָלט דיר ניט געראַטהען מיט דעם סטעפּאַנ'ען צו זיין אליין. ער איז פערליעבט אין דיר. און די „גאַראַלעס“ זיינען פרעך און דרייסט, אז די יונגע צוקאָכט זיך אין זיי“ — לאַכט די יונגע מיידעל.

— אָ, מיר וועט ער קיין שלעכטס נישט טהאָן, איך האָב נישט קיין מורא פאַר זיי.

— און וואָס וואָלסטו געטהאָן, ווען ער וואָלט זיך צו דער געווען גענעהנט.

— אָ, איך וואָלט איהם אויסגעפּאַטשט. און אפשר וואָלט איך זיך געלאָזט ארומנעהמען און אויסקושען. די פּויערים זיינען גראָב, אָבער שטאַרק און ליעבען זעהר — לאַכט מערי און קוקט בעת מעשה אויף דעם קראַנקען יאַש און זעהט, ווי דאָס בלוט אַנטלויפט איהם פון געזיכט.

דער יונג האָט געגעבען א קרעכץ, ווי א חיה וואָלט עפּעס געבורטשעט.

— וואָס איז־דיר, יאַש? — פרעגט די שוועסטער.

— גאָרנישט. געה אהיים, זאשקע. עס ווערט אבענד, און קומט שפּעטער. מערי וועט מיר שוין דאָס איבריגע אליין טהאָן.

— איך וועל איהר העלפען, וועט זיך דאָך נישט קענען אליין קיין עצה געבען.

— אָ, יעדען טאָג גיב איך זיך אליין אן עצה. יעדען טאָג פערבינדט מען זיך די וואונד אליין, וועלען מיר היינט אויך דאָס טהאָן — לאַכט זי שעלמיש צום יונג, און זי פּיהלט, ווי איהר לאַכען צורייסט איהם די נערווען און קאָכט זיין בלוט אויף, און ער קריגט פאַנטאַסטישע האָפנונגען, פון וועלכע זי איז זעהר צופריעדען.

— אויב אזוי, געה איך טאַקע. איך בין הונגעריג.

— געהט און ברײנגט מיר אויך עפּעס. איך בין אויך הונגעריג — לאַכט איהר נאָך מערי.

אַז די שוועסטער איז אַוועק, זאָגט מערי:

— נו, איצט צו אייך, יאַש. נו, ווי געהט עס אייך? וויײזט אייך נור — איז זי צו צום בעט — אָ, איהר זעהט זעהר גוט אויס. וועניגער שמערצען? די וואונד איז שוין באַלד פערביי. אַבער לאָזט, וועל איך ערשטענס די לאָמפּ אָנצינדען. דער יונג האָט זי ביי דער האַנד אָנגעכאַפּט.

— ניין, מערי, צינדט נישט אָן די לאָמפּ. זעצט אייך דאָ אַוועק, נעבען בעט, דאָ, זעצט אייך. אָ, איהר ווייסט נישט — שרייט אויס דער יונג און קושט איהר די האַנד אין שרעק־ליכער ליידענשאַפט.

— וואָס טהוט זיך מיט אייך? ווי וואָגט איהר דאָס! — שרייט אויס מערי, און וויל אַרויס פון שטוב.

— אָ, איך בעט אייך איבער, איך בעט אייך איבער טויזענדער מאָל. איך האָב אַנ־דערש נישט געקענט, איהר זיינט איצט אַזוי שעהן, איצט אין דער טונקעלהייט. וואָס האָט איהר אָנגעטהאָן? איך ווייס נישט, וואָס איהר האָט אָנגעטהאָן, נור אייערע אויגען גליהען אַרויס אין דער טונקעלער שטוב איצט ווי פייערן. זייט מיר מוחל.

— בעוועגט אייך נישט. עס וועט אייך שאַדען. ליגט רוהיג, אַזוי. אַבער געדענקט — איך וועל עס פערגעסען, נור, יאַש, זאָל עס זיך איבער'חזר'ען, מוז איך פון שטוב אַוועק.

— איך שווער אייך ביי מיין עהרען־וואָרט, אַז איך וועל נישט מעהר, ווען איך זאָל אַפילו ליידען. איך וועל נישט מעהר, אַבי בלייבט — פאַלט דער יונג צוריק אין בעט.

— נו שווייגט, שווייגט, בערוהיגט אייך — און זי גלעט איהם מיט איהר קאַלטער האַנד דעם הייכען בעאַנגסטען שטערען און מאַכט איהם גלייך די האָהר אויפ'ן קאָפּ. דער יונג בלייבט ליגען אַ בלייכער אונטער איהר האַנד און אָטהעמט שווער.

— נו, לאָזט מיך איצט די לאָמפּ אָנצינ־דען, אין שטוב איז טונקעל.

זי האָט די גרויסע לאָמפּ אָנגעצונדען. די שטוב איז בעלויכטען געוואָרען, און ערשט איצט האָט זי דערזעהן דעם יונג. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז שעהן און יונג. זי האָט שוין לאַנג בעמערקט זיינע ביינערדיגע גליע־דער, וואָס שיסען אַרויף אין דער הויך, זיין ברייטע, שטאַרק ברוסט, וואָס לויפט פאַראויס, ווי אַ ברוסט פון אַ יונג ראַסאָוועס פערד. זי האָט געפיהלט די ליניע פון זיין קערפּער דורך די בעוועגונג פון דער קאָלדרע. נור איצט, ביים שיין פון לאָמפּ, האָט זי מיט אַ מאָל זיין געזיכט דערזעהען. בלייך איז עס געווען, און די אונטערשטע קיהן האָט געציטערט — איידעל און לענגליך, ווי די געזיכטער פון זיינע שוועסטערן — נור מענליך שטאַרק האָבען זיך די צייהן אַרויסגעביסען אויף די קינדישע יונגע ליפּען. זי האָט געהאַט אַ בעדערפניס דאָס געזיכט צו פּייניגען, אַרויסרופען אויף די ליפּען די פּערביטערסטע גרימאַסע פון שמערץ. זי האָט געוואָלט נקמה נעהמען פון דעם יונגען מאַן פאַר אַ גאַנצען טאָג שאַנד, בעליידיגונג און קרענקונג. זי האָט איהם דערלאַנגט אין אַ דינער טעצעל מילך — „איהר זיינט צו שוואַך" — זאָגט זי קאַלט און שטעלט אַרונ־טער די האַנד אונטער זיין קאָפּ און הויבט איהם אויף מיט איין האַנד און מיט דער צווייטער האַנד דערלאַנגט זי איהם די מילך. דערביי איז די בעריהרונג פון איהר האַנד אויף זיין לייב לייכט און אַזוי איידעל, ווי אַ טאָן פון מוזיק וואָלט געקומען אָנצופליהען, וואָס דער ווינד האָט פון ערגעץ־וואו געבראַכט, אַבער צובלאָזען. ער קוקט אויף איהר און וויל געפינען אין איהר געזיכט אַ שפּור פון דער ליידענשאַפט, פון דער וואַרימקייט, וואָס דריקט איצט אויס די בעריהרונג פון איהר האַנד אויף זיין קערפּער. אַבער איהר געזיכט איז גלייכגילטיג, קאַלט, פרעמד און אַזוי ווייט פון דאַנען, ווי זי וואָלט דאָ גאָר נישט געווען. — „עס איז דאָ וואַרים אין דעם שטיבעל!" — שרייט אויס פּלוצים מערי און רייסט אַראָב פון זיך דאָס טיכעל, וואָס זי האָט געטראָגען. איהר בלוזע אַבער איז צו דין, און גאַרנישט טראָגט זי אונטער איהר בלוזע, און עס ווייזען זיך אַרויס די ברעגען פון איהרע יונגע בריסטען, ווי זיי ציטערן אונטער דעם זייד, און דאָס זייד ציטערט מיט. און איהר געזיכט איז דערביי אַזוי קאַלט און אונשולדיג, ווי זי וואָלט גאָר נישט געוואוסט, וואָס זי טהוט. דער יונג ליעגט בלייך, און די אויגען ווערען איהם גרעד־סער, און דאָס מויל פערקרימטער, און עס וויי־זען זיך זיינע פער'חלש'טע צייהן. זי שטעהט פאַר'ן בעט און האַלט נאָך די טאַץ מיט'ן געט־ראַנק אין דער האַנד. און איהר קערפּער, ווי ער וואָלט זיך אויסגעטהאָן פון דער קליידונג — און קאַלט שטעהט זי פאַר איהם, און זי ציטערט אין גאַנצען פאַר פרישקייט און בעגעהרען... ער פיהלט שוין איהר געשמאַק — דעם אָטהעם, וואָס יאָגט פון איהר. ער פיהלט דאָס. ער וואַרפט נאָך אַ בליק אויף איהר גע־זיכט, אַבער דאָס געזיכט שווייגט. נור זי בייגט זיך וואָס אַ מאָל אַלץ נעהענטער צו איהם. ער הערט דאָס קלאַפּען פון די בריסטען אויף זיין האַרץ. ביז דער יונג פאַלט צוריק אויף זיין בעט, פערגלאָצט די אויגען, דאָס מויל אָפען און די שוים לויפט פון איהם.

דענסמאָל בייגט זי זיך איבער זיין גע־

זיכט און קוקט איהם גוט אין פּנים אריין, און הערט ווי זיין הארץ קלאַפּט הויך, הויך, און ווי זיינע ליפּען און קיהן ציטערן — און זי נעהמט נקמה. נקמה פאַר דעם צער, פאַר דער שאַנד און אָהנמאַכט פון היינטיגען טאָג.

זי האָט גענומען א האַנד פול מיט אָדער קאָלאָן און איהם דאָס געזיכט געוואַשען. דער יונג האָט שוואַך די אויגען געעפענט, און זי זאָגט צו איהם מיט א קאַלטען שמייכעל:

— וואָס, יאַש, עס איז אייך נישט גוט געוואָרען?

(פאָרטזעצונג קומט)

ת. ראָטהשטיין

די ענגלישע סאָפראַדזשעטקעס און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

די פרויען־רעכטלערינען־בעוועגונג אין ענגלאַנד האָט אוועקגעשטעלט די פראַגע פון די פּאָליטישע רעכט פון דער פרוי אויף דער טאַגעס־אָרדנונג און אויף אזא אופן, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט זי מוזען געלייזט ווערען. אָט דעם פערדיענסט קען מען פון איהר ניט אוועקנעהמען. אויך פריהער איז די פראַגע אין אַלע לענדער דיסקוטירט געוואָרען און פרויען־רעכט איז אַפילו אריינגענומען געוואָרען אין פערשיעדענע פּאַרטיי־פּראָגראַמען. נאָך מעהר. אין איינינע לענדער איז דאָס פרויען־רעכט זייט יאָהרען פערווירקליכט געוואָרען. אפילו אין דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט, דעם קאָנסערוואַטיווסטען פּאַרלאַמענט אין דער וועלט, האָט מען שוין מיט 30 יאָהר צוריק און מעהר געהאַט פערהאַנדעלט איבער דער פראַגע פון פרויען־רעכט. און פון דעסטוועגען האָט דאָס אַלעס קיין ווערטה ניט געהאַט. די פראַגע פון פרויען־רעכט איז בעגראָבען געוואָרען אין די פּאַראַגראַפען פון די פּאַרטיי־פּראָגראַמען, צווישען די בלעטער פון צאָהלרייכע ביכער און בראָשורען און אין די פּאַרלאַמענטאַרישע אַרכיווען — ביז די ענגלישע בירגערליכע פרויען האָבען זיך א נעהם געטהאָן און מיט א געוואַלדיגע ענערגיע ווידער אוועקגעשטעלט די פראַגע אויף דער טאַגעס־אָרדנונג. דאַן ערשט האָבען די פרויען ערוואַכט אויך אין אַנדערע לענדער, די בעוועגונג האָט געפונען אַן אָבקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט, און איצטער פיהלט יעדער איינציגער, אז דער קאַמפּף, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט ארום דער פראַגע, וועט זיך ציהען פון איין יאָהר ביז דעם אַנדערען, ביז די פרויען וועלען זיעגען.

עס אז קיין צופאַל ניט, וואָס די מאָדערנע פרויען־רעכטס־בעוועגונג האָט בעקומען איהר שטויס פון די בירגערליכע פרויען אין ענגלאַנד. ענגלאַנד איז נאָך אימער דאָס עקאָנאָמיש־ און דערפאַר אויך סאָציאַל־פאָרטגעשריטענסטע לאַנד אין אייראָפּאַ. די פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן מעגען אין מאַנכע הינזיכטען זיין אפשר העכער אין דייטשלאַנד, אָבער דערפאַר האָט דער קאַפּיטאַליזם דאָרט ניט אזוי ברייט און טיעף ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לעבען ווי אין ענגלאַנד. אין ענגלאַנד זיינען שוין ניטאָ מעהר קיין האַנדווערקער און קיין פּויערים, און אפילו דער קליין־מייסטערל און דער קליין־קרעמערל האָבען אין די מייסטע פעלע קיין זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ ניט, זיי ווערען אויפגעהאַלטען ביים לעבען נור צוליעב דעם פריי־האַנדעל, וואָס שאַפט זיי ביליגע געברויכטס־מיטעל. אין ענגלאַד טאַקע האָט זיך אויך די בירגערליכע פרוי שנעלער און אין גרעסערע צאָהלען ענטוויקעלט צו א זעלבסטשטענדיגער ראָלע אין דעם ווירטשאַפטליכען לעבען ווי אַנדערס־וואו אין אייראָפּאַ. באַזונדערס איז דאָס ריכטיג פאַר'ן קליין־בירגערליכען קלאַס, וואָס פיהלט בעזונדערס שטאַרק דעם עקאָנאָמישען דרוק, מחמת, ראַנגלענדיג זיך מיט דער נויט, זוכט ער אויך אויפצוהאַלטען דעם אָנזעהן, דעם „שטאַט". די קליינבירגערליכע פרוי ווערט געטריבען צו פערדיענען איהר אייגענעם ברויט טיילווייז דורך די פשוט'ע נויט, טיילווייז אָבער אויך ווייל זי האָט (אָט טאַקע צוליעב דעם עקאָנאָמישען דרוק) א קנאַפּע אויסזיכט צו הייראַטהען, ד. ה. ארויפצוואוואַר־

פּען די דאגות חיונה אויף אַן אַנדערען און אַבצוגעבען זיך מיט דעם פאַמיליען־לעבען. ביי דעם דאָזיגען קלאַס שטייגט דער הייראַטס־עלטער סיי ביי די מענער, סיי ביי די פרויען, אימער העכער, צווייטע הייראַטהען ווערען אַלץ זעלטענער, די צאָהל פון אונפערהייראַטהע מענער שטייגט אויף, און בכן בלייבט אַ אימער גרעסערע צאָהל פרויען אונפערהייראַטה. קיין וואונדער, אַז זיי האָבען זיך אריינגעלאָזען אין פערשיעדענאַרטיגע בעשעפטיגונגען און האָבען אַנגעפילט גאַנצע פּראָפעסיאָנען. דער פּראָצעס, וואָס איז פריהער פאָרגעקומען אין דעם אַרבייטער קלאַס, האָט זיך איצטער ווידערהאָלט ביי דעם קליינבירגערטום, מיט דעם אונטערשיעד נור, וואָס די אַרבייטער־פרויען זיינען פערטריבען געוואָרען אין דער פאַבריק און די קליינבירגערליכע פרוי איז אריין אין קאָנטאָר, אין די שוהלע, אין האָספּיטאַל א.ז.וו.

אָט דער ניי־ענטשטאַנענער קלאַס פון קליינבירגערליכע פרויען אין די אינטעליגענטערע פּראָפעסיעס האָט אָנגעפאַנגען דעם איצטיגען קאַמפּף פאַר פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג. עס איז אַ קאַמפּף ניט פון דער אַרבייטער־פרוי, וועלכע איז ניט אויסגעשלאָסען פון דער הייראַטה, און ניט פון דער אַריסטאָקראַטישער דאַמע, וועלכע הייראַטה אויך און טרעט איבערהויפּט אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס ניט אריין, נור דוקא פון דער קליינבירגערליכער פרוי, וואָס האָט זיך געמוזט ערווערבען אַ נייע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט און איז דורך דעם געקומען צו דעם בעוואוסטזיין פון איהרע באַזונדערע אינטערעסען. דען ווי די אַרבייטער־פרוי, אַזוי אויך די אַריסטאָקראַטישע דאַמע, פיהלען ניט און קענען זיך ניט פיהלען אָבגעזונדערט פון זייער קלאַס. זיי לעבען אַ געמיינזאַמען לעבען מיט זייערע מענער, ברידער, פאָטערס און זיהן, און פיהלען גאַנץ ריכטיג, אַז די מענער פערטרעטען זייערע אינטערעסען פאָלשטענדיג. פאַרקעהרט אָבער, האָבען די קליינבירגערליכע פרויען געבילדעט אַ נייע סאָציאַלע גרופּע אינערהאַלב זייער קלאַס; אַ גרופּע פרויען, וואָס האָבען ניט קיין מענער, אויף וועלכע זיי זאָלען זיך פערלאָזען, בכן מוזען זיי זעלבסט קעמפּפען פּאָליטיש, ווי זיי קעמפּפען זעלבסטשטענדיג, אַליין, עקאָנאָמיש און סאָציאַל. און דער קאַמפּף פון אָט דער סאָציאַלער גרופּע האָט דאָס בעשאַפען די ענגלישע פרויען־רעכטלערינען־בעוועגונג.

פון דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער גרופּע הענגט אויך אָב דאָס **פּראָגראַם** און **טאַקטיק** פון דער בעוועגונג. די הויפּט־פאָדערונג פון דעם פּראָגראַם איז בעקאַנט: „וואהלרעכט פאַר די פרויען אויף דיזעלבע בעדינגונגען ווי פאַר די מענער!" וואָס, דוכט זיך, קען זיין מעהר גערעכט און איינפאַך? — קוקט זיך אָבער צו נעהענטער. דאָס וואהלרעכט פאַר מענער איז אין ענגלאַנד בעשרענקט. וואהלבערעכטיגט איז נור אַ לאַנד־ און הויז־בעזיצער, אַ בעל הבית, וואָס האָט אַ דירה אויף זיין נאָמען און צאָהלט דערביי די שטעדטישע שטייערן, און אויך אַ זעלבסטשטענדיגער קוואַרטיראַנט, וואָס צאָהלט אַ געוויסען מינימום פאַר זיין צימער. דיזעלביגע קאַטעגאָריען וואהלבערעכטיגטע זאָלען אויך איינגעפיהרט ווערען פאַר פרויען. וואָס מיינט דאָס? אַ **פערהייראַטהע** פרוי קען אין ענגלאַנד נור אין זעלטענע פעלע האָבען אייגענטום און אַ קוואַרטיר אויף איהר אייגענעם נאָמען. קומט אויס, אַז „וואהלרעכט פאַר די פרויען אויף דיזעלביגע בעדינגונגען ווי פאַר די מענער", מיינט וואהלרעכט פאַר די **אונפערהייראַטהע** פרויען, ד. ה. הויפּטזעכליך, גערעדע פאַר די **קליינבירגערליכע** פרויען, מחמת ביי זיי שטעהט דער פּראָצענט פון אונפערהייראַטהע אַם העכסטען! ניט ווילענדיג האָבען די פרויען־רעכטלערינען פערראַטען דורך זייער פּראָגראַם די סאָציאַלע אינטערעסען, וועלכע זיי פאַרטרעטען! קיין וואונדער ניט, אַז צוערסט איז די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, די פּאַרטיי פונ'ם לאַנדבעזיץ און גרויס־קאַפּיטאַל, געוועזען געגען דער בעוועגונג, זי האָט געוואוסט, אַז די פּאָליטישע בעפרייאונג פון דער פרוי וועט איהר ניט בריינגען פיעל נייע שטימען: די פרויען פון לאַנד־בעזיץ און גרויס־קאַפּיטאַל וואָלטען דאָס וואהלרעכט פיעל ווייניגער גענאָסען, ווי איהרע שוועסטערן פונ'ם קליינבירגערטום. ערשט שפּעטער, ווען די פרויען־רעכטלערינען, אָבגעשראָקען פון די ערשטע שוועריגקייטען, האָבען אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס (בעקאַנט אונטער דעם נאָמען: „קאָנסיליאיישאָן־ביל"), לויט וועלכען די פרויען האָבען געזאָלט בעקומען דאָס וואהלרעכט נאָך דעם מוסטער פון מוניציפּאַלע וואהלרעכט, האָט די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי אומגעביטען איהר שטעלונג צו דער בעוועגונג: דאָס מוניציפּאַלע וואהלרעכט גיט אויך פערהייראַטהע פרויען אין זעהר פיעלע פעלע שטימרעכט. זייט דעם אָבער איז אויך פון דעם קאָמפּראָמיס גאָרניט געוואָרען, און דער קליינבירגערליכער גרונדזאַץ: „אויף דיזעלביגע בעדינגונגען ווי פאַר די מענער" איז געוואָרען ווידער — ווען ניט אָפיציעל, דאָך פאַקטיש — דער לאָזונג פון די פרויען־רעכטלערינען.

און דאָסזעלבע געפינען מיר, ווען מיר אונטערזוכען די **טאַקטיק** פון די פרויען־רעכטלערינען. אַלס אַ קליינבירגערליכע גרופּע ווילען זיי זיין רעוואָלוציאָנער (דאָס קליינבירגערטום איז תמיד „רעוואָלוציאָנער"־געשטימט

מחמת עס האָט פיעל אויסצושטעהן פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל!) און קענען עס ניט, מחמת זיי האָבען הינטער זיך ניט די מאַסען. אין אָנפאַנג האָבען זיי יאָ עפּעס געפּרובט ארייִנצוכאַפּען אונטער זייער פאָהנע די אַרבייטערינען, זיי האָבען אַגיטירט אין די פאַבריק־געגענדען און געסטאַרעט זיך איינרייִדען די פּראָלעטאַרישע פרויען, אַז זייער אומגליק — זייערע ניעדריגע פערדיענסטען, דאָס סוועטינג־סיסטעם, די פּראַסטיטוציע—שטאַמט אַלץ דערפון, וואָס זיי האָבען דאָס פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהלרעכט ניט. עס איז אָבער ניט געגאַנגען. פרויען האָבען ניט געקענט פערשטעהן, פאַר וואָס זאָל עפּעס דאָס וואַהלרעכט העלפען זיי אין זייערע צרות, ווערליג די מענער, וואָס בעזיצען שוין לאַנג דאָס וואַהלרעכט, זיינען דאָך אויך ניט איבערגליקליך. באַלד אָבער האָבען זיי זיך אויך ארומגעזעהן, אַז דאָס וואַהלרעכט, וואָס די פאַרנעהמע דאַמען האָבען אין זינען, איז גאָרניט פאַר זיי געמיינט, און זיי האָבען זיך ביסלעכווייז פון זיי אָבגעשאָקעלט. דער רעוואָלוציאָנאַריזמוס פון די פרויען־רעכטלערינען איז אויף אַזאַ אופן געבליבען הענגען אין דער לופטען, האָבען זיי, די פרויען־רעכטלערינען, זיך גענומען צו יענעם אַרט טעראָריזם, וועלכער זעהט אויס שרעקליך רעוואָלוציאָנער, איז אָבער אין אמת'ן נור אַ פאַלסיפיקאַציע פון רעוואָלוציאָנאַריזמוס. עס איז אַ ד אַ מ ע ן־טעראָריזמוס מיט שפּיעלקעס און שטריק־נאָדלען, וואָס קען שאַפען טאַקע אַ רעכט ביסעל אונאַנגענעהמליכקייט, איז אָבער ניט געפעהרליך. אין ד ע ם דאַמען־אַרטיגען טעראָריזם דריקט זיך אויך אויס דער קליינבירגערליכער כאַראַקטער פון דער פרויען־רעכטלערינען־בעוועגונג: בלויז די קליינבירגערליכע פרוי האָט געבילדעט אַ בעזונדערע גרופּע אינערהאַלב איהר קלאַס און איז דערמיט אָנגעוויזען געוואָרען אויף איהרע אייגענע, ד. ה. עכט־דאַמסקע מיטלען פון קאַמפּף. אין די איבעריגע קלאַסען שטעהט די פרויענצימער ביי דעם זייט פון דעם מאַנספּערזאָן און קעמפּפט, נאַטירליך, מיט דיזעלביגע מעטאָדען ווי ער.

אויך אין אַנדערע הינזיכטען נאָך טראָגט די טאַקטיק פון די פרויען־רעכטלערינען אַ דאַמסקען (ווייל קליינבירגערליכען!) כאַראַקטער. ווען די פרויען־רעכטלערין וויל בעסער געהן אין „פּריזאָן“ איידער צו באַצאָהלען שטראָף, מיינט זי דערמיט צו ערגערן די געזעלשאַפט, וואָס ערלויבט, אַז פרויען זאָלען געהן אין פּריזאָן. דאָס איז אַן אַפּיעל צו די ריטטערליכע געפיהלען פון דעם מענער־געשלעכט אין נאָמען פון דאַמסקע שוואַכקייט און ציערליכקייט, וואָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש. אַזאַ אַפּיעל האָט איינמאָל דירעקט געמאַכט די בעקאַנטע פיהרערין, פרוי פּעטיק־לאָרענס, ווען ענטפערענדיג אויף אַ בעלייִדיגענדע רעדע פון מיניסטער טשערטשיל, האָט זי אויף אַן עפענטליכער פערזאַמלונג אויסגעשריען: „אין דעם צייט־אַלטער פון ריטטערטום וואָלטען די מענער און ברידער פון די בעליידיגטע פרויען באַצאָהלט דעם מיניסטער מיט קערפּערליכע שטראָף!“ דאַן אָבער זעהענדיג, אַז זייערע אַפּיעלס ווירקען ניט, אַז די ניט־ריטטערליכע געזעלשאַפט לאָזט זיי רוהיג געהן אין פּריזאָן, ווערען זיי שטאַרק אויפגערעגט, קריגען שוין חרטה וואָס זיי זיצען, און פאָדערן, אַז מען זאָל זיי ארויסלאָזען! „דערצו“, שרייען זיי, „זיינען מיר ניט געוועהנט — „מיר זיינען“ — ווי הערר קאַבדען־סאַנדערסאָן האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט אין אַ בריעף אין די צייטונגען, ווען זיין פרוי איז צום ערשטען מאָל ארייִנגעזעצט געוואָרען אין פּריזאָן — „מיר זיינען שוואַכע און דעליקאַטע בעשעפעניסען, וואָס זיינען ניט געוועהנט צו אַזאַ עסען, צו אַזאַ קליידונג און אַזוינע אַרבייט, ווי עס ווערען אונז צוגעטיילט אין פּריזאָן!“ דאָ הערט שוין די פרויען־רעכטלערין גאָר אויף צו זיין אַ קעמפּפערין און ווערט אַ „דאַמע“, ווי זי איז אין עצם אימער געוועזען צוליעב דער אויבען־דערמאָהנטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער שטעלונג איהרער.

מען זעהט, אַז די קליינבירגערליכע שטעלונג פון דער ענגלישער פרויען־רעכטלערין האָט ארויפגעלעגט דייטליכע סמנים אויף דער גאַנצער בעוועגונג — אויף דאָס פּראָגראַם, אויף דער טאַקטיק און אויף די מעטאָדען פון קאַמפּף. נור אין דעם קליינבירגערטום האָט געקענט ענטשטעהן אַ פרוי, וועלכע לעגט אַ בעזונדערען ווערטה אויף דאָס וואַהלרעכט, און ווייל זי בילדעט אַ בעזונדערע גרופּע פאַר זיך, האָט געמוזט ביי איהר ארויסטרעטען אַזוי שטאַרק דער בעזונדערער פרויען־כאַראַקטער, וואָס האָט זיך היסטאָריש אויסגעבילדעט אין אונזער געזעלשאַפט.

ווען מיר זאָגען אָבער, אַז די קליינבירגערליכע פרוי האָט בעשאַפען אַ גרופּע פאַר זיך און מוז דערפאַר קעמפּפען מיט איהרע אייגענע, ספּעציפישע מיטלען, מיינען מיר ניט אַז זי איז טאַקע פאָלשטענדיג איזאָלירט. זי איז אמת אַ גרופּע, אָבער זי איז ניט קיין ק ל אַ ס, זי איז אַ גרופּע אין אַ קלאַס. און אומעטום, ביי אַלע קליינבירגערליכע עלעמענטען, וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען, טרעפט זי אָן אַ סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג. דאָס אָבער, וואָס די קליינבירגערליכע פרוי בילדעט אַ זעלבסטשטענדיגע גרופּע, ברייִנגט דערצו, וואָס די עלעמענטען, וואָס סימפּאַטיזירען מיט איהרע בעשטרעבונגען, מוזען אויך אָננעהמען איהר טאַקטיק און איינוויליגען אויף איהרע קאַמפּפס־מעטאָדען. איהר היסטערישער רעוואָלוציאָנאַריזמוס געפינט אַן אָבקלאַנג

אין אַלע קליינבירגערליכע הערצער סיי ווען די דאָזיגע הערצער קלאַפּען אין טאַקט פון דעם ליבעראַלען פּאַרטיי־פּראָגראַם, סיי ווען זיי קלאַפּען אין דער ברוסט פון מאַנכע ארבייטער־פיהרער. עס איז געוויס קיין צופאַל ניט, וואָס די ערשטע פרויען, וועלכע זיינען געווען די אויפטהוער פון דער היינטיגער פרויענרעכטס־בעוועגונג, זיינען געווען אָדער (ווי פרוי פּעטיק־לוירענס, פרוי קאַבדען־סאַנדערסאָן) ראַדיקאַלקעס אָדער (ווי פּרוי פּענקהערסט) „סאָציאַליסטקעס“ פון דער אונאַבהענגיגער ארבייטער־פּאַרטיי (א. ל. פּ.). אי די ענגלישע ראַדיקאַלען, אין די מעהרצאָהל פון די א. ל. פּ.־פיהרערס, זיינען קליינבירגערליך געזינט (ווען ניט גאָר פון קליינבירגערליכער אָבשטאַמונג), און זייער ענטהוזיאַזמוס פאַר די פרויען־רעכטלערינען־בעוועגונג מיט איהר פּראָגראַם, טאַקטיק און דעם גאַנצען האַק־און־פּאַק, איז ניט מעהר ווי נאַטירליך.

און טאַקע פערקעהרט אויך: ווען א קיר־האַרדי שטעלט זיך אַוועק און ערקלערט מיט טרערען אין די אויגען, אז אויב די פרויען־רעכטלערינען־בעוועגונג זאָל ניט געווינען, איז פאַר איהם דער לעבען קיין לעבען ניט; אָדער ווען א פיליפּ סנוידען, איינער פון די גרעסטע אפּאָרטוניסטען צווישען די ענגלישע ארבייטער־פיהרער, שווערט ביים אַלעם, וואָס איז איהם הייליג, אז ווען די רעגיערונג זאָל ניט געבען די פרויען (ד. ה. די קליינבירגערליכע דאַמען) זייערע רעכט, וועט ער ניט טראַכטען קיין אויגענבליק און וועט, ווען עס וועט נור דערצו קומען, שטירצען דאָס מיניסטעריום; אָדער ווען א לענסבערי, גאָר אן ערנסטער און עהרליכער מענש, אָבער אויך אן אפּאָרטוניסט, וואָס האָט ניט געוואָלט פערבלייבען ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מחמת זי פערשטעהט קיין פּאָליטישען געשעפט ניט, און וויל פון פּאָליטישע קאָמפּראָמיסען ניט וויסען, זאָגט זיך אָב פון זיין פּאַרלאַמענטאַרישען מאַנדאַט, מחמת די ארבייטער־פּאַרטיי אונטערשטיצט די רעגיערונג, הגם די רעגיערונג וויל ניט געבען די פרויען וואַהלרעכט — ווען מיר זעהען אַזאַ מין משונה'דיגע בעגייסטערונג פאַר א בעוועגונג, וואָס האָט אין זיך קיין פּראָלעטאַרישען פּרינציפּ ניט, שליעסען מיר פון דער דאָזיגער האַלטונג פון די פיהרער אויף זייער גייסטיגע פיזיאָנאָמיע און זאָגען, אז זייער רעוואָלוציאָנאַריזמוס איז ניט קיין פּראָלעטאַרישער, נור א ק ל י י נ ב י ר ג ע ר ל י כ ע ר.

אין געגענטייל אָבער, גיט מען א קוק אויף דער שטעלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער ארבייטער־פּאַרטיי („לייבאָר פּאַרטי“), געפינט מען אן אַנדער מין בעציהונג. די ענגלישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (פריהער ס. ד. פּ., איצטער בריטיש סאָשיאַליסט פּאַרטי) מעג האָבען איהרע פעהלערן, זי איז אָבער אן עכט פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, ניט נור לויט די פּערזאָנען, וועלכע שטעלען איהר צונויף, נור אויך לויט איהר גייסט. זי האָט זיך פון אָנפאַנג אָן אַוועקגעשטעלט פיינדליך צו דער פרויען־רעכטלערינען־בעוועגונג און דער שטוטגאַרטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס האָט איהר געגעבען גערעכט. דאָרט, פאַר די אויגען פון דעם גאַנצען אינטערנאַציאָנאַל, האָבען די א. ל. פּ. און די ס. ד. פּ. ארויסגעטרעטען איינע געגען די אַנדערע אין קאַמפּף וועגען די שטעלונג צו דער פרויען־בעוועגונג, און דער אינטערנאַציאָנאַל מיט אַלע שטימען געגען די שטימען פון די א. ל. פּ. האָט אָנגענומען די בעריהמטע רעזאָלוציע, וואָס יעדע בעוועגונג פאַר א בעשרענקטעס וואַהלרעכט ווערט ענטשיעדען פעראורטיילט אלס „א פעלשונג און קאַריקאַטור פון דעם פּרינציפּ פון פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג פון דעם ווייבליכען געשלעכט“. גענוי דיזעלביגע שטעלונג האָט אויך אָנגענומען די „לייבאָר פּאַרטי“, כל זמן זי איז נאָך געווען זעלבסטשטענדיג. טראָץ דעם, וואָס זי איז אויך דאַמאָלס ניט געווען קיין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און וואָס די פיהרער פון דער א. ל. פּ., די קיר־האַרדיס, די סנוידענס און די מאַקדאָנאַלדס, האָבען ביי איהר דעריזשירט דעם אָרקעסטער, האָט די „לייבאָר פּאַרטי“ צוויי מאָל אויף איהרע קאָנגרעסען, אין 1907 און 1908, ענערגיש צוריקגעוויזען יעדע פּראָבע צו געווינען איהר פאַר די פרויען־רעכטלערינען און פעראורטיילט זייער פּראָגראַם. אין 1907 האָט קיר־האַרדי זאָגאַר געסטראַשעט, אז ער וועט דערפאַר אַוועקגעהן פון דער פּאַרטיי. ער איז אָבער געבליעבען און די פּאַרטיי האָט אויף דעם נעקסטען קאָנגרעס צום צווייטען מאָל פּראָקלאַמירט איהר פיינדליכקייט צו די „דאַמען“. ערשט פאָריגען יאָהר, נאָכדעם ווי די פּאַרטיי האָט דורכגעמאַכט א גרויסע עוואָלוציע פון לינקס אויף רעכטס און דער קאָנגרעס אליין איז געוואָרען א קאָנגרעס פון געווערקשאַפטסבעאַמטע, האָט די „לייבאָר פּאַרטי“ צופריעדענגעשטעלט די א. ל. פּ.־סאָציאַליסטען: זי האָט בעאויפטראַגט איהרע פּאַרלאַמענטאַריער ניט אָנצונעהמען פון דער רעגיערונג קיין וואַהלרעכטס־רעפאָרם, וואָס ענטהאַלט ניט אויך דאָס וואַהלרעכט פאַר די פרויען. אָבער אויך אין דיעזער רעזאָלוציאָן האָט מען זיך געהיט אָנצואווייזען דייטליך, אז אונטער דעם וואָרט: „וואַהלרעכט“ ווערט געמיינט בלויז דאָס באַשרענקטע וואַהלרעכט פון די פרויען־רעכטלערינען! מען האָט איינפאַך פּראָקלאַמירט אן א ב ס ט ר אַ ק ט ע ן פּרינציפּ!

די צוקונפט וועט בעווייזען, וואָס וועט

פון דער פרויען־רעכטלערינגען־בעוועגונג ארויס־קומען. ביז איצטער איז איהר גליק ניט געווען זעהר גרויס. אזוי לאַנג ווי די רעגיערונג איז אויסדריקליך געווען געגען יעדע רעפאָרם פון דעם וואַהלרעכט צו גונסטען די פרויען, פלעגט די הויז אָוו קאָמאָנס נאָך דורכפיהרען די פרויען־וואַהלרעכטס־בילס אין צוויי לעזונגען, און דאַן פלעגט די זאַך בלייבען שטעקען מחמת די רעגיערונג פלעגט ניט געבען קיין געלעגענהייט פאַר א דריטע לעזונג; זייט דעם אָבער, ווי דער פרעמיער־מיניסטער אסקוויט האָט אין נאָוועמבער, 1910, ערקלערט אז די רעגיערונג וועט מעהר ניט שטעהן אין וועג דעם פאַרלאַמענט, נור וועט, פערקעהרט, ארייננעהמען אין איהר אַרבייטס־פּראָגראַם דעם ביל, וואָס וועט דורכגעפיהרט ווערען פון פאַרלאַמענט אין צווייטער לעזונג, דערלעבט שוין קיין ביל ניט אַפילו צו א צווייטע לעזונג. און דאָס מיינט, אז אויך פריהער פלעגען די הערען געזעצגעבער נור דערפאַר שטימען פאַר די בילס מחמת זיי האָבען געוואוסט, אז דערפון וועט סיי־ווי־סיי גאָרניט ארויסקומען. איצטער אָבער, ווען זיי האָבען מורא, אז די זאַך קען זיך טאַקע אויסלאָזען זעהר ערנסט, שטימען זיי שוין ניט מעהר פאַר די בילס און בעווייזען דערמיט, אז זייערע פריהעריגע בעגייסטערונג פאַר דאָס פרויען־וואַהלרעכט איז מעהר ניט געווען די קאָמעדיע.

מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, קענען נור ווינשען, אז די דאַמען זאָלען אויך אין דער צוקונפט ניט מעהר גליק האָבען, ווי זיי האָבען געהאַט אין דער פערגאַנגענהייט. פאַר אונז איז דאָס וואַהלרעכט ניט קיין אַבסטראַקטער פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט. פאַר אונז איז דאָס וואַהלרעכט א וואַפע אין קלאַסען־קאַמפּף, און לויט נאָכדעם אין וועלכע הענד עס געפינט זיך, איז עס פאַר אונז שעדליך אָדער ניצליך. וואָס האָט גענוצט די ענגלישע אַרבייטער אין 1832, ווען עס איז נאָך א לאַנגען געמיינזאַמען קאַמפּף צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, אויסגע־קעמפּפט געוואָרען דער „פּרינציפּ“ פון וואַהל־רעכט, דאָס וואַהלרעכט אָבער זעלבסט איז אָבגעגעבען געוואָרען דער בורזשואַזיע. אנשטאַט דער הערשאַפט פון דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע איז געקומען די הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסטי־שען קלאַס, און אנשטאַט געשמיסען צו ווערען מיט דעם פעאָדאַלען בייטש, האָט דאָס פּראָ־לעטאַריאַט באַקומען צו שמעקען די עקדישען פון דעם קאַפּיטאַליזמוס. דערפאַר טאַקע האָט זיך דער אַרבייטער קלאַס אויפגעהויבען און עס איז ענטשטאַנען די גרויסע טשאַרטיסטישע בע־וועגונג. עהנליך איז עס געווען אַנדערש־וואו אויך, און עהנליך איז עס מיט דעם וואַהלרעכט פאַר פרויען. וואָס טויג דעם פּראָלעטאַריאַט, מענליכען און ווייבליכען, דער „פּרינציפּ“, ווען דורך זיין פאַרווירקליכונג וועט פערגרעסערט ווערען די מאַכט פון די באַזיצענדע קלאַסען איבערהויפּט, און פון דעם קליינבירגערטום בפרט? מען זאָגט אָפטמאָל: דער פּרינציפּ איז וויכטיג דערמיט, וואָס זיין פערווירקליכונג אפילו אין א קליינעם גראַד וועט מעגליך מאַ־כען זיין פערווירקליכונג אין א גרעסערען גראַד — מיט אַנדערע ווערטער, אז ווען אפילו נור א ט ה י י ל פרויען זאָל בעקומען דאָס וואַהלרעכט וועט שוין זיין לייכטער אויס־צוקעמפּפען דאָס וואַהלרעכט פאַר אַ ל ע פרויען. אזוי אָבער קענען נור רעדען די, וועלכע דענקען ניט לויט די פּרינציפּען פונ'ם קלאַסען־קאַמפּף. פּרובט אוועקשטעלען אנ־שטאַט דעם וואָרט: „דער טהייל פרויען“ — „דער ב י ר ג ע ר ל י כ ע ר טהייל פון די פרויען“, און איהר וועט גלייך זעהן, אז גראַדע אַזאַ רעפאָרם איז באַרעכענט צו פאַרשלעפּען די פּאָליטישע בעפרייאונג פון דער פרוי אין אַלגעמיין, ד. ה. פון דער פּראָלעטאַרישער פרוי. ווייל דאָס וואַהלרעכט איז מאַכט, און ווער עס בעזיצט מאַכט, וויל זיך דערמיט ניט טיילען מיט אַנדערע.

ה. רויזענבלאַט

אין וואַרטעניש

אפנים האָסט מיר אָבגענאַרט.
אין אומעט זיץ איך און איך וואַרט,
און נאַכט און חלום שוועבען —
שטערען גליהען,
רויזען בליהען,
רויזעלע, מיין לעבען!

איך הער זיך איין - - - א ווינטעל ציהט
און מיט דעם גראָז, אוי, ציטערט מיט
דערשראָקען מיין נשמה —
שטערען גליהען,
רויזען בליהען,
רויזעלע, נחמה!

א שטערען רייסט זיך אָב און זינקט —
דאָס אויג פון בייזען מזל ווינקט:
„געטראָפען האָט א סיבה...“
שטערען גליהען,
רויזען בליהען,
רויזעלע, מיין ליעבע!

א. גלאַנץ

די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען

אז אין אַמעריקאַ ווערט בעשאַפען א נייער וויכטיגער ישוב פאַר דעם אידישען פאָלק זיינען דאָ געננג בעווייזע. די אידען קומען אַהער־צו להשתקע — צו פערבלייבען. דאָס אידישע לעבען שטעלט זיך איין וואָס ווייטער אַלץ מעהר. אַמעריקאַ איז שוין בשום אופן ניט קיין אכסניה פאַר'ן אידישען פאָלק אין זיינע וואַנדערונגען. מיר האָבען דאָ א גרויסען אידישען צענטר, א פעסטע זיכערע היים. ניט נור איין קלאַס פון דער אידישער בעפעלקערונג הויבט זיך אָן צו פיהלען אזוי זיכער אין אַמעריקאַ, נור אַלע קלאַסען, פון די יהודים ביז דער רוסיש־אידישער דעמאָקראַטיע, פון דער אידישער בורזשואַזיע ביז דעם אידישען פראָלעטאַריאַט.

און איינער פון די וויכטיגסטע סימפּטאָמען פון אָט דעם צושטאַנד איז געוויס די אויפמערקזאַמקייט, וואָס די היגע ראַדיקאַלע אידישע וועלט האָט אָנגעפאַנגען צו שענקען דער פראַגע פון אידישע ערציהונג. מיר זעהען, ווי פון די פערשיעדענסטע זייטען, ביי אַלע קלאַסען פון דער היגער אידישער בעפעלקערונג, הויבט מען אָן צו רעדען וועגען דער ערציהונג פון דעם יונגען אידישען דור אין אַמעריקאַ, און דאָס בעטייט, אז דער אידיש־אַמעריקאַנער קבוץ האָט שוין אויפגעהערט זיך בעגנונגענען מיט דעם היינט בלויז, נור ער קלייבט זיך צו בויען אויף דאָס געצעלט פון מאָרגען. דאָס איז דער בעסטער סמן, אז די אידען הויבען זיך דאָ אָן צו פיהלען מעשה תושבים, ניט מעהר מעשה צופעליגע, דערווייליגע אימיגראַנטען.

מיט איין זייט פון אָט דער ערשיינונג וויל דער איצטיגער אַרטיקעל דעם לעזער בעקענען, נעמליך מיט יענע פּראָבעס אויפ'ן פעלד פון אידישער ערציהונג, וואָס זיינען אַלגעמיין בעקאַנט געוואָרען אונטער דעם נאָמען פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען.

קודם כל, וואָס זיינען די טעאָרעטישע גרונד־לאַגען, וואָס אויף זיי זיינען די שולען באַזירט?

די גרינדער פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען האַלטען, אז דאָס אידישע קינד אין אַמעריקאַ, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס עס לעבט מיט און אין דעם אַמעריקאַנישען לעבען, איז דאָך א גליעד פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. די אידישע סביבה איז דערפאַר די נאָרמאַלע, די נאַטירליכע סביבה פאַר דעם אידישען קינד, און נור אין איהר קען ער זיך פאָלשטענדיג נאָרמאַל און ערפאָלגרייך ענטוויקלען. דאָס קינד שפּיעגעלט אָב אין זיך דאָס גאַנצע פאָלק. דאָס קינד בעזיצט ניט בלויז די אייגענשאַפטען, וואָס זיינען בלויז זיינע, נור א גאַנצע רייהע פון געפיהלען, שטימונגען און נייגונגען, וואָס זיינען דעם קינד איבערגעגעבען געוואָרען פון זיין סאַמער געבורט אלס נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען. דאָס זיינען די אייגענשאַפטען, וואָס מאַכען דאָס דייטשע קינד פאַר א דייטש, דאָס ענגלישע — פאַר אן ענגלענדער און דאָס אידישע — פאַר א אידען. אָט דער טייל פון דעם מענשען'ס נשמה טאָר ניט דערשטיקט ווערען, אויב מיר ווילען האָבען א גאַנצען און ניט קיין האַלבען אָדער פערטעל מענש. די אויפגאַבע פון יעדער ערציהונג דאַרף זיין — ארויסצוברענגען פון דעם קינד'ס נשמה אַלע גוטע מעגליכקייטען, צו ענטוויקלען אַלע אייגענשאַפטען, אז דאָס קינד זאָל זיך פאָלקאָם און נאָרמאַל ענטוויקלען, אז עס זאָל אויסוואַקסען א גאַנצער און ניט קיין האַלבער אָדער פערטעל מענש. גיט מען ניט אַכטונג, ענטוויקעלט מען ניט אַלע זייטען פון זיין קינדערשער נשמה, קומט ארויס דאָס קינד ווייניגער פעהיג צו קעמפּפען שפּעטער פאַר זיין עקזיסטענץ. און צוצוגרייטען דאָס קינד פאַר דעם לעבענסקאַמפּף איז דאָך איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען פון דער ערציהונג.

יעדעס קינד מוז אַלזאָ אויפוואַקסען אין א היימישער סביבה, דאָס אידישע קינד אין א אידישער סביבה.

עס מוז זיין בעקאַנט מיט דעם לעבען און ליידען פון זיין פאָלק. עס מוז קענען גענוי זיין פאָלקס־געשיכטע. נור דאַן וועט עס אויך זיך גוט קענען און פערשטעהן דעם גאַנצען שפּיעל פון זיינע געפיהלען און איבערלעבונגען.

ווייטער. דאָס אידישע קינד מוז אויך

קענען די שפּראַך פון זיינע עלטערן, די שפּראַך פון די גרויסע מאַסען פון זיין פאָלק. דער מאַמע־לשון בינדט איהם צונויף אויף א לעבעדיגען אופן מיט זיין נאַטירליכער סביבה. דורך דער אידישער שפּראַך לערנט זיך דאָס אידישע קינד אויס נעהענטער פערשטעהן זיינע עלטערן און די מאַסען פון זיין פאָלק, בעסער צו בעגרייפען זייערע ליידען און זייערע שטרעבונגען. ער קריגט אין דעם ה י י נ ט — ניט בלויז אין דעם נעכטען — א נאַטירליכען באָדען אונטער די פיס, און פערשטעהט אויך ווי אם בעסטען אויסצופלאַסטערן א וועג צו דעם מאָרגען.

פערשטעהט זיך, אונטער דעם נאָמען פאָלק מיינען מיר, הויפּטזעכליך, די אידישע דעמאָקראַטיע, די אידישע אַרבייטער — דאָס זיינען הויפּטזעכליך אונזערע ברייטע פאָלקס־מאַסען, וואָס וועבען זייער לעבען אין אידיש. נור ז י י דריקען אויס אין דער אידישער שפּראַך זייערע ליידען און שטרעבונגען, זייער צאָרן און צער. דערפאַר קען אויך דאָס אידישע קינד אם בעסטען פערשטעהן און מיטפיהלען די אידעאַלען פון אַט דער דעמאָקראַטיע און ווערען נאַכהער אליין א קעמפּפער פאַר דיזע אידעאַלען, ווען ס'וועט זיך פון קינדוויזאָן לערנען צו פערשטעהן און מיטפיהלען די אידישע מאַסע.

איז עס דאָך א פאַקט, אז די מעהרסטע קינדער פון די אידישע סאָציאַליסטען אין אַמעריקא זיינען וועיט פון די אידעאַלען פון זייערע עלטערן; דער פאָטער דער סאָציאַליסט איז ביי זיי א גרינהאָרן, און זיין סאָציאַליזם איז בלויז א סמן פון גרינקייט. און וואָס איז דער חדוש? ניט פערשטעהענדיג די שפּראַך פון דעם פאָטער, ניט קענענדיג אריינגעהן אין זיין וועלט, ווערען איהם פרעמד אויך דעם פאָטער'ס געדאַנקען און שטרעבונגען. און קוים איינמאָל אוועקגעגאַנגען פון דער אינערליכער וועלט פון די עלטערן, איז איהם שוין נאַכהער שווער צוריקצוכאַפּען. אידיש, דער לשון פון דער אידישער דעמאָקראַטיע, איז ביז א געוויסען גראַד אויך דער בריק, וואָס פיהרט דאָס קינד ניט נור צום פאָטער און צו זיין פאָלק, נור אויך צו די פּראָגרעסיווסטע אידעאַלען פון דער אידישער דעמאָקראַטיע — צום סאָציאַליזמוס.

און א פּראַקטישע בעמערקונג: דאָס פּראָלעטאַרישע קינד, אפילו דאָס היע־געבאָרענע קינד, קען זיך געוועהנליך ניט דורכדרינגען אויף א ריכטיגען אופן מיט דער אַמעריקאַנער סביבה. קיין אמת'ער יענקי קען געוועהנליך פון איהם ניט ארויסקומען, און אויב מען רויבט נאָך פון איהם זיין נאַטירליכע אידישע סביבה, מוז דאָס אידישע קינד אויסוואַקסען — ניט אהין, ניט אהער. אזוי, אז א אידישע ערציהונג גיט ניט בלויז דעם פאָלק א קינד, נור אויך דעם קינד א פאָלק.

אָט דאָס זיינען געווען די וויכטיגסטע טעמים פון די גרינדער פון די נ.־ר. שולען. ווי דער נאָמען ווייזט אָבער אָן, זיינען די שולען לכתחילה געמיינט געוואָרען צו זיין ניט בלויז נאַציאָנאַל, נור אויך ראַדיקאַל. מיט דעם וואָרט האָט מען געוואָלט בעצייכענען, אז די שולען ווערען פון אָנפאַנג געשטעלט אויף א וועלטליכען באַזיס, און אז יעדער עלעמענט פון רעליגיאָן ווערט פון זיי אויסגעשלאָסען. מען האָט ווייטער דערמיט געוואָלט בעטאָנען, אז די ערציהונג אין זיי דאַרף פאָרקומען אין איינקלאַנג מיט די אידעאַלען און שטרעבונגען פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט.

צוגעטראָטען צו דער גרינדונג פון די ערשטע שולען איז מען מיט א יאָהר 4־3 צוריק און אין דעם משך פון אָט דער קורצער צייט זיינען איבער'ן לאַנד געגרינדעט געוואָרען וואָס'ערע צוויי טוץ שולען, און דיזע שול־בעוועגונג האָט זיך שוין צוטיילט אין צוויי ריכטונגען. די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען דורך די חלוקי דעות וועגען די אויפגאַבען פון די שולען. פון אָנפאַנג איז דער אונטערשיעד געווען א קליינער; מיט דער צייט איז ער אָבער געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. איצט זיינען די ביידע ריכטונגען גאַנץ שאַרף איינע פון דער אַנדערער אָבגעגרעניצט.

איינע פון די ריכטונגען האָט הויפּטזעכליך אָנגעפאַנגען אונטערצושטרייכען דעם נאַציאָנאַליזם און איז געוואָרען דורכאויס נאַציאָנאַליסטיש. איהר הויפּט־אויפגאַבע איז געוואָרען איינצופלאַנצען אין די קינדער די אידישע טראַדיציע. דער אידישער עבר האָט פערשטעלט די געגענוואַרט, דאָס בעהעפטען זיך צום אַלטען טראַדיציאָנעלען יודענטהום איז געוואָרען דער צוועק. העברעאיש, די שפּראַך פון דער אידישער רעליגיאָן און פון דעם אַמאָליגען אידישען בוך, איז גלייכבערעכטיגט געוואָרען מיט דעם לעבעדיגען לשון פון די אידישע מאַסען. מען לערנט העברעאיש מיט די קינדער פון סאַמע אָנפאַנג אָן, און אָפטמאָל נאָך אין א גרעסערער מאָס, ווי אידיש. העברעאיש דאַרף דאָס אידישע קינד אריינפיהרען אין דער אידישער טראַדיציע. די אידישע טראַדיציע איז אָבער אויך דורכגעוועבט מיט דער אידישער אמונה און אינגאַנצען אויסשליסען די אמונה פון די שולען האָבען די מתעסקים דערפאַר געפונען פאַר אונמעגליך. זעהט מען זי טאַקע וואָס אַמאָל מעהר איינצופיהרען. מיט דער טראַדיציע איז אויך ענג פערבונדען פּאַלעסטינא. און די קינדער ווערען טאַקע ערציוגען אין א גייסט פון ליעבע צו דעם לאַנד פון די אבות, אין א מעהר אָדער ווייניגער

ציוניסטישען גייסט. בכלל איז די סביבה אין אָט די שולען דורכגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַליסטישען ראָמאַנטיזם. דאָס וואָרט ראַדיקאַל איז דערפאַר דאָ אָפּטמאָל אַן אומזיסטע צוטשעפּעניש, אַן איבעריגער באַלאַסט. רופען זיך טאַקע מאַנכע פון זיי בלויז „נאַציאָנאַלע שולען“. און די פון זיי, וואָס רופען זיך נאָך „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען“, בערעכטיגען די צווייטע העלפט פון דעם נאָמען בלויז דערמיט, וואָס מען לערנט אין זיי ניט דירעקט קיין רעליגאָן, מען לערנט מיט זיי ניט, אז מען דאַרף אָבהיטען די דינים.

די כאַראַקטעריסטישע סמנים פון דער ריכטונג נ.־ר. שולען איז, אלזאָ: צווייִשפּראַכיגקייט, מיט א פאָרצוג אָפּטמאָל פאַר׳ן העבּראַיזם, ציוניסטישער ראָמאַנטיזם, דורכגעוועבט מיט רעליגיעזע עלעמענטען. דאָס הייליג האַלטען אַלע אידישע יום־טובים און דעם שבת איז אין די שולען איינער פון די וויכטיגסטע ערציהונגס־מיטלען.

גאָר אַנדערש זיינען די שולען פון דער אַנדערער ריכטונג. דער אידישער עבר און די אידישע טראַדיציע שפּיעלט דאָ א קלענערע ראָליע, ווי די אידישע געגענוואַרט און צוקונפט. נאַטירליך, הייסט דאָס ניט קיין אָבלייקענונג פון דעם עבר און דער טראַדיציע. זיי ווערען אָבער דאָ ניט קיין מין זעלבסט־ציעל, ווי אין דער צוויי־שפּראַכיגער ריכטונג. דעם ערשטען און וויכטיגסטען אָרט פערנעהמט די טראַדיציע דורכאויס ניט, ניט זי אליין און ניט אַלץ, וואָס איז מיט איהר פערבונדען. העברעאיש ווערט דערפאַר דאָ כמעט ניט געלערנט. אידיש ווערט אַנערקענט אלס די איינציגע שפּראַך פון אידישען פאָלק און העברעאיש ווערט בעטראַכט נור אלס ווינשענסווערטער למוד אין א העכערע שול, דאַן, ווען דאָס קינד האָט זיך שוין גרינדליך בעקענט מיט דער אידישער שפּראַך און ווען עס וויל זיך פערפאָלקאָמען בנוגע צו דעם אידישען וויסען. די אידישע געשיכטע ווערט געלערנט אינגאַנצען אָהן וועלכען ס׳איז רעליגיעזען עלעמענט און אין ליכט פון א ברייטער סאָציאַלער קריטיק. די לעגענדען פון אידישען פאָלק ווערען נאַטירליך געגעבען, אָבער אלס לעגענדען און ניט אלס טיילען פון דער אידישער געשיכטע. די קינדער זיינען נאַציאָנאַל, אָבער ניט נאַציאָנאַליסטיש. קיינע נאַציאָנאַליסטישע טענדענצען ווערען אין די קינדער ניט איינגעפּלאַנצט. די טהוערס פון דעם טיפּ שולען האַלטען פאַר ערפילט זייער אויפגאַבע דערמיט, וואָס זיי סטאַרען זיך אין די קינדער צו ענטוויקלען א פערשטענדניש פאַר דעם אידישען פאָלק און זיין לעבען, ווי אויך א פערלאַנג צו אַרבייטען פאַר זיין וואוילשטאַנד און פרייהייט. די טהוער שטעהען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון א דורכאויס וועלטליכער שולע. די שולען סטאַרען זיך צו געבען ניט א ספּעציפיש אידישען אינהאַלט, נור אַן אַלמענשליכען אינהאַלט אין א אידישער פאָרם.

דאָס וואָרט ראַדיקאַל איז דאָ אויך ניט קיין פּוסטע צוטשעפּעניש. מען ערציהט אין די קינדער ניט בלויז א ליעבע צו זייער ליידענדען פאָלק, נור צו אַלע ליידענדע און אונטערדריקטע, מען פּלאַנצט אין זיי איין א פערלאַנג צו העלפען אַלע בעליידיגטע און בערויבטע. דער גאַנצער למוד איז דורכגעדרונגען מיט אָט דעם גייסט. חוץ דעם זיינען אויך איינגעפיהרט ספּעציעלע געשפּרעכען מיט די קינדער, מיט דעם צוועק זיי אויפצוקלערען וועגען די אונגערעכטיגקייטען פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, און אויפצוואוועקען אין זיי א שטרעבונג נאָך א בעסערער און שעהנערער אָרדנונג. ווערען אין די שולען געפייערט די אידישע יום־טובים — הויפּטזעכליך פון א נאַציאָנאַל־היסטאָרישען שטאַנדפּונקט — פייערען זיי אויך דעם ערשטען מאַי, אלס דעם יום־טוב פון אַרבייט און פרייהייט. דערצעהלט מען זיי אין חודש כסלו פון חנוכה, ווען א הייפעלע פרייהייטס־ליעבענדע אידען האָבען זייער פאָלק בעפרייט פון טיראַניי און דעספּאָטיזם, גיט מען זיי אין מאָנאַט מערץ איבער די געשיכטע פון די פאַריזער קאָמונאַרען און פון זייער קאַמפּף פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט. און ערפאַהרען זיי פון יענע גרויסע אידען, וואָס האָבען געקעמפּפט פאַר דער אונאָבהענגיגקייט און גליק פון זייער פאָלק, דערצעהלט מען זיי אויך וועגען בעבעלען, וואָס האָט אַלע זיינע כוחות אַוועקגעגעבען פאַר דער ערלייזונג פון זיינע אַרבייטער־ברידער.

די כאַראַקטעריסטישע סמנים, אלזאָ, פון אָט דער ריכטונג זיינען: איין שפּראַך — אידיש, אַן אַלגעמיין־מענשליכע, פרייהייטליכע ערציהונג אין א אידישער פאָרם, און דאָס בעשעפטיגען זיך הויפּטזעכליך ניט אזוי מיט דער אידישער פערגאַנגענהייט, ווי מיט דער אידישער געגענוואַרט און צוקונפט.

ווי מיר זעהען, זיינען די אונטערשיעדען צווישען ביידע ריכטונגען גאָר גרויסע, און אויסער דעמזעלבען נאָמען, איז כמעט צווישען זיי קיין געמיינזאַמעס ניטאָ. אָט דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער אונטערשיעד צווישען די שולען האָט אויך געמוזט ברענגען דערצו, אז זיי זאָלען ניט קענען געהן צוזאַמען. דאָס האָט זיך קלאָר אַרויסגעשטעלט מיט א קורצער צייט צוריק, ווען ביידע ריכטונגען האָבען אָנגעפאַנגען א בעוועגונג פאַר א פעראייניגונג פון די שולען, פאַר דער שאַפונג פון אַן אַלגעמיינעם צענטראַלען פערבאַנד. די ערשטע פּראָבען פון אַזאַ פעראייניגונג זיינען אַרויסגעקומען פון דער ראַדיקאַלער ריכטונג. מען האָט זיך געווענדט צו אַלע שוהלען, אָהן אויסנאַהם.

אין דעם משך פון די פערהאַנדלונגען האָבען אָבערביידע ריכטונגען איינגעזעהן, אז געהן צוזאַמען וועט בכלל זיין שווער און די שולען פון דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג האָבען דערפאַר אָנגעהויבען שנעל צו אָרגאַניזירען אן אייגענע קאָנפערענץ. אזוי ווי צו דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג געהערט די מעהרהייט פון די שולען, איז דאָס זיי אויך אָנגעקומען גרינגער. פון דעם 18טען ביז דעם 21טען אַפּריל איז טאַקע פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון אָט די צוויי־שפּראַכיגע שולען. אויף איהר איז אויך ענדגילטיג אָנגענומען געוואָרען אן אַלגעמיינע פּראָגראַם לויט די אויבען־אָנגעוויזענע פּרינציפּען: צוויי־שפּראַכיגקייט, פּאַלעסטיניסטישער נאַציאָנאַליזם, בעקענען מיט דער אידישער רעליגיאָן א. ד. גל. די פראַגע פון ר אַ ד י ק אַ ל ע ר ערציהונג, ד. ה. פון אזעלכער, וואָס זאָל די קינדער געבען אַלגעמיין־פּרייהייטליכע בעגריפען, איז צומאָל אויפ'ן טאַגעסאָרדנונג ניט געשטעלט געוואָרען.

די שולען פון דער צווייטער ריכטונג, וועלכע זיינען פעראייניגט אין א „אידישע שולען־ביוראָ“, האָבען זיך אין דער קאָנפערענץ ניט בעטייליגט און זיי אָרגאַניזירען איצט אן אייגענעם צוזאַמענפאָהר.

צוליעב אינפאָרמאַציאָן איז נויטיג צו דערמאָנען, אז די איניציאַטאָרען פון די העברעאיסטישע שולען זיינען הויפּטזעכליך די פועלי ציון און מיטגליעדער פון נאַציאָנאַלען ארבייטער־פערבאַנד; און הינטער דער ראַדיקאַלער שול־ריכטונג שטעהען הויפּטזעכליך די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען, ווי אויך א בעדייטענדע צאָהל מיטגליעדער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן צוזאַמען מיט אַרבייטער־רינג ברענטשעס.

פון וועמען ווערען די שולען אָנגעפיהרט און ווי אזוי קומען פאָר די למודים? די שולען ווערען געלייטעט פון אונפּאַרטייאישע שול־פעראיינען, די מיטגליעדער פון וועלכע צאָהלען געוויסע סומעס מאָנאַטליך, און דאָס האַלט אויף די שולען. א געוויסער טייל פון די הוצאות ווערט אויך געדעקט פון די עלטערן פון די קינדער גופא, וועלכע צאָהלען וועכענטליך, אָדער מאָנאַטליך שכר־למוד. אין דעם גרעסטען טייל פון די שולען לערנט מען בלויז צוויי מאָל א וואָך, שבת און זונטאַג. חוץ דעם, וואָס צו לערנען אַלע טאָג איז בכלל קיין פינאַנציעלע כוחות ניטאָ, מוז דאָס נאָך געטהאָן ווערען צוליעב דעם, ווייל די מעהרסטע לעהרער זיינע פּשוט'ע אַרבייטער, זיינען פערנומען א גאַנצען טאָג, און שבת נאָכמיטאַג און זונטאַג איז זייער איינציגע פרייע צייט. אָנצושטעלען ספּעציעלע לעהרער איז נאָך יעדע שולע ניט ביכלת. די איינציגע אויסנאַהם איז די שולע פון טאָראָנטאָ (בעלאַנגט צו דער שול־ביוראָ).

דאָרט לערנט מען אַלע טאָג פון דריי א זייגער אָן, און מען האָט ספּעציעל־אָנגעשטעלטע בעצאָהלטע לעהרער. די טאָראָנטער שולע איז בכלל די בעסטע שולע אין לאַנד. זי איז וועקגעשטעלט געוואָרען אויף א פעסטען פונדאַמענט, גוט אויסגעשטאַט און איינגעאָרדענט, א זאַך, וואָס מען קען ליידער ניט זאָגען וועגען די מעהרסטע אַנדערע שולען. עס לערנט זיך דאָרט איצט ארום 450 קינדער. אין די איבריגע שולען איז די צאָהל קינדער פערשיעדען — פון 200 (ניו יאָרק) ביז 30 (פּיטסבורג).

וואָס אָנבעלאַנגט דעם געשלעכט פון די קינדער, איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אז דערהויל לערנען זיך אין די שולען א מעהרהייט פון מיידלעך. ס'איז אויך פערשטענדליך. די עלטערן, וואָס טראַכטען וועגען אידישער ערציהונג, האַלטען, אז די יינגלעך מוזען קענען עברי, דאַווענען, לייגען תפילין, א ברכה זאָגען ביי אן עליה. דאָס אַלץ לערנט מען דאָך אין די נ.־ר. שולען ניט. שיקט מען טאַקע די יינגלעך ניט אַהין, נור צום רבי'ן, אָדער אין דער תלמוד־תורה. די מיידלעך דאַרפען אָבער אָט די אַלע דערמאָנטע הייליגע זאַכען ניט קענען, פילען זיי דערפאַר אָן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען. די זאַך ענדערט זיך אָבער ביסלעכווייז. די עלטערן הויבען אָן איינצוזעהן, אז דאָס וואָס די קינדער קריגען אין די תלמוד־תורות אָדער ביים רבי'ן קלעפּט זיך צו זיי זעהר ווייניג צו, בעת די למודים אין דער נאַצ.־ראַד. שולע לאָזען אין די קינדער גאַנץ טיעפע וואָרצלען. די עלטערנס בעציהונג צו דער שולע ענדערט זיך דערפאַר. די צאָהל פון די יינגלעך ווערט אין די שולען כסדר גרעסער.

ס'איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען, אז די מעהרסטע לעהרערס אין די שולען זיינען פּשוט'ע אַרבייטער. אָפטמאָל זיינען זיי לחלוטין צו זייער פּאָסטען ניט צוגעפּאַסט. אויסער דעם גוטען וואונש און איבערגעבענהייט פערמאָגען זיי זעהר ווייניג פון דעם, וואָס איז נויטיג פאַר אַזאַ וויכטיגען אַמט, ווי א לעהרער. אַלע שוהלען פיהלען טאַקע ווי אוננאָרמאַל און שעדליך אַזאַ צושטאַנד איז. די פראַגע פון א לעהרער־סעמינאַר ווערט אַלץ דרינגענדער ארויסגערוקט אין פאָדערגרונד און וועט מוזען סוף כל סוף געפינען א בעפרידיגענדע לייזונג.

נאָך א וויכטיגע פראַגע איז קינדער־ליטעראַטור. מען דאַרף זעהן, אז די קינדער זאָלען ניט בלויז אין דער שולע, נור אויך אין דער היים לעזען אידישע ביכער. איז אָבער אויף דעם געביט נאָך זעהר ווייניג אויפגעטהאָן. די אידישע קינדער־ליטעראַטור איז אויסערגעוועהנליך אָרים. אם בעסטען, פיהלט מען, קען די פראַגע פערענטפערען א קינדער־זשורנאַל. די דערמאָנטע שול־ביוראָ אַרבייט טאַקע

איצט פאַר דער גרינדונג פון א קינדער־צייטונג.

דער אַלגעמיינער אידישער עולם בעציהט זיך נאָך גאַנץ גלייכגילטיג צו די שולען, און אומעטום, וואו אַזעלכע זיינען פאַראַן, זיינען זיי די פרוכט פון אידעאַליסטישע יונגע לייט, הויפּטזעכליך פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער געדאַנקען־ריכטונג. ס'איז אָבער קיין שום ספק ניט, אז די שולען וועלען מוזען צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער אידיש־אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, יעדענפאַלס פון איהר דעמאָקראַטישען טייל. די שולען זיינען שוין געוואָרען א מאַכט אין דעם היגען אידישען לעבען, און זיי מוזען עס שפּעטער נאָך מעהר ווערען. ניט די תלמוד־תורה, און דער חדר אודאי ניט, האָבען א דויערנדען פּלאַץ אין אַמעריקאַ.

און וועגען דעם וואָלטען געמעגט א טראַכט טהאָן די אידישע סאָציאַליסטען. זיי דאַרפען שענקען אביסעל מעהר אויפמערקזאַמקייט דער וועלטליכער אידישער שולע. אנשטאט איבערצולאָזען די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער אין אַמעריקאַ די תלמוד־תורה'ס, איז דען ניט גלייכער צו זעהען בעשאַפען אזא שולע, וואו די אידישע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען מעהר אין איינקלאַנג מיט די ראַדיקאַלע, פרייע אנשויאונגען? די אידישע סאָציאַליסטען דאַרפען אָנפאַנגען צו פערשטעהן, אז אום צו האָבען וועלכע עס איז השפּעה אויף דער ערציהונג פון דעם אידישען יונגען דור — און ווער קען צווייפלען אין דער נויטיגקייט דערפון? — מוז מען געפינען אזא טיפּ שולען, וואו די אידישע עלטערן זאָלען וועלען זייערע קינדער שיקען, — אידישע שולען, וואָס זאָלען זיין דורכגעדרונגען מיט פרייהייטליכע אידעען, וואָס זאָלען צוגלייך אויך קענען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער תלמוד־תורה.

די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען זיינען געוואָרען א וויכטיגער פאַקטאָר אין אידיש־אַמעריקאַנער לעבען, און די אידישע סאָציאַליסטען, אלס די, וועלכע דאַרפען זיך פערנעהמען מיט אַלע וויכטיגע נויטען און פראַגען פון דעם אידישען אַרבייטער־לעבען, וועלען מוזען סוף כל סוף שענקען די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען מעהר אויפמערקזאַמקייט. דערפון וועט ארויסקומען א טובה אי פאַר די אידישע סאָציאַליסטען, אי פאַר די שולען.

ל. קאָבּרין

טהיר נומער 3

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)

.5

ביי מיסעס גוטמאַן האָט מען סערען גלייך דעם נאָמען געביטען אויף מייביל. עס איז איהר דאָרט גוט געווען. פאַר מיסעס גוטמאַן איז זי געווען אַ טהייערער אוצר. דאָס געלד, וואָס זי האָט פערדיענט, האָט זי העלפט זיך גענומען און העלפט מיסעס גוטמאַן געגעבען. בעני האָט זי בעהאַנדעלט זעהר פריינדליך. דאָ האָט זי זיך אויסגעלערנט די אַלע סודות פון איהר פּראָפעסיאָן. מיסעס גוטמאַן איז געווען אַ לעהרערין מיט גרויסער ערפאַהרונג. איז אַ „גאַסט“ געקומען, האָט מייביל געוואוסט, ווי אַזוי איהם צו בעצויבערען, ווי אַזוי צו שפּיעלען ליעבע מיט די אויגען און שמייכעל. אַמאָל האָט זי זיך אַליין היינגעריסען; געוועהנליך אָבער איז זי געווען גלייכגילטיג און האָט נור „געשפּיעלט“ די ליעבע; און ניט איינמאָל ווען דער גאַסט איז געווען אַן עלטערער מענש, האָט זי חשק געהאַט, אַ וואָרף צו טהאָן זיך איהם אויף'ן האַלז מיט איהרע שאַרפע צייהן און איבערבייסען איהם דעם גאָרגעל פאַר עקעל און האַס; זי האָט עס אָבער ניט געטהאָן, און וואָס עלטער און עקעלדיגער ער איז געווען, אַלץ „פערליעבטער“ האָט זי זיך צו איהם געוויזען, ווייל אַזוינע האָבען גוט געצאָהלט . . . זי האָט זיך אריינגעצויגען אין דעם דאָזיגען לעבען, ווי אַ שכור אין שכרות . . . איבערהויפּט האָט מיסעס גוטמאַן אויף איהר א שטאַרקען איינפלוס געהאַט מיט איהרע גוטע רייד. זי האָט זי אמת ליעב געקראָגען. קיינמאָל האָט זי איהר אייגענע מאַמע אַזוי ניט ליעב געהאַט. און, מערקווירדיג, וואָס אין דעם דאָזיגען הויז, אין דעם דאָזיגען טיעפען זומפּף, האָט זי, מייביל, וועלכע איז אויסגעוואַקסען אין אַ הויז אָהן אַ גאָט, נור פון קללות און קריעגערייען, צום ערשטען מאָל די עהרפורכט פאַר גאָט אין זיך דערפיהלט. פון דעם שטענדיגען רעדען וועגען גאָט, וואָס מיסעס

גוטמאַן האָט פיר איהר גערעדט, פון איהר פרומקייט, האָט צייטענווייז זיך אויפגעכאַפּט אין איהר נשמה אַ רעליגיעזער געפיהל, וואָס האָט דאָרט טיעף ערגעץ ביי איהר געשלומערט, און ראש השנה און יום כפור איז זי אין גאַנצען אָנגעשטעקט געוואָרען פון מיסעס גוטמאַן מיט פחד פאר גאָט און וואָלט פיר טויזענדער צו זיך קיין מאַן ניט צוגעלאָזען.

אַזוי אָבער אַ גאַנץ יאָהר האָט זי, געוועהנליך, זיך געפיהלט אין דער דאָזיגער לופט פון אויסגעלאַסענהייט און שאַמלאָזיגקייט, ווי אַ פיש אין׳ם וואַסער, האָט זיך געפרעהט מיט פרייער „סחורה“, ווען זי איז אַריינגעבראַכט געוואָרען, אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דעם פערפיהרען פון דער רויטער ברכה און מיסעס דראַבקין, און ווען זי וואָלט געקענט, האָט זי געפיהלט, וואָלט זי אַליין אויך פערפיהרט, טהיילווייז פאר ספּאָרט און טהיילווייז, ווייל דאָס וואָלט אַריינגעבראַכט „ביזנעס“ מיסעס גוטמאַן.

זי האָט זיך אָפּט אַ נאַקעטע גערעהט פיר די „געסט“, ווי איצט פיר מיסעס דראַבקין. די נאַקעטקייט איז איהר סחורה געווען, דאָס האָט זי פערקויפט, פיר דאָס האָט מען איהר געלד געצאָהלט.

נור איין אבענד מיט דריי וואָכען צוריק האָט זי זיך אָבגעזאָגט איהר נאַקעטקייט צו פערקויפען. זי איז אַרויסגעפאָהרען מיט בעני׳ן אין אַן אויטאָמאָביל אין קוני־איילענד. פלוצים, ווי זי איז דאָרט געשטאַנען אַזוי מיט בעני׳ן נעבען אויטאָמאָביל, איז צו איהר צוגעגאַנגען איהר אמאָליגער איטאַליענער און האָט געפאָדערט, זי זאָל געהן מיט איהם. ניט לאַנג האָט ער זיך געהאַט דערוואוסט, וואו זי איז, און געפאָדערט ביי בעני׳ן, ער זאָל זי איהם צוריקגעבען. בעני האָט געענטפערט, אַז ער האָט זי ביי איהם ניט אַוועקגענומען. זי איז פריהער געווען ביי אַנאַנדערן און דערנאָך ערשט צו איהם אָנגעקומען. דאָס איז געווען פאָלקאָם „מאָראַליש“. דאַן האָט דער איטאַליענער אָנגעהויבען זי צו פערפאָלגען ביי מיסעס גוטמאַן אין הויז. בעני האָט איהם געוואָרענט, ער זאָל זי צו־רוהה לאָזען, ווייל איצט געהערט זי צו איהם. איצט אין קוני־איילענד, ווען דער איטאַליענער איז ווידער צו איהר צוגעגאַנגען, האָט איהם בעני נאָך אַמאָל געזאָגט: „פרענק, דו בעסער לאָז זי צו־רוהה“. האָט דער איטאַליענער פלוצים אויפגעהויבען די האַנד און איהר אַ פאַטש געגעבען, און איידער דער פאַטש איז פערהילכט געוואָרען, איז פרענק געפאַלען מיט אַ מעסער ביז׳ן הענטעל אין זיין ברוסט.

מייביל איז געשטאַנען צוטומעלט, די האַנד אויף דער באַק. בעני בלייך מיט צונויפגעדריקטע ליפּען, קוקענדיג אויף דעם איטאַליענער, וואָס איז אויף דר׳ערד געלעגען מיט פערגלאָצטע אויגען און ווייס, אַזוי ווי דאָס גאַנצע בלוט פון זיין גוף וואָלט דורך זיין דורכגעלעכערטע ברוסט אויף דאָס ווייסע העמד אַרויסגעשטראָמט, וועלכע איז בעדעקט געוואָרען מיט נאַסע, רויטע פלעקען דאָרט, וואו דאָס מעסער האָט געשטעקט. דער איטאַליענער האָט מיט אַלע כוחות זיך אויפגעזעצט, דעם פערבלוטיגטען מעסער אַרויסגעשלעפּט, שוואַך פון צווישען די פינגער איהם אויף ד׳רערד אַרויסגעלאָזט און צוריק אַ פאַל געטהאָן אויף אַ זייט מיט אַן אויער און אַ זייט קאָפּ, מיט די שוואַרצע געקרויזטע האָאָר שווער אין דעם טרוקענעם זאַמד אַריין און די פיס ווייט אויסגעצויגען. מייביל האָט שיעור ניט גע׳חלוש׳ט. בעני איז געשטאַנען אין דער זעלביגער פּאָזע. מענשען האָבען זיך צונויפגעקליבען אין די הונדערטער. דאָס איז געווען בייטאָג. ביינאַכט וואָלט מען זיך צונויפגעקליבען אין די טויזענדער. אַ פּאָליסמאַן איז אָנגעקומען, האָט אַרויפגעלעגט אַ שווערע האַנד אויף בעני׳ן, צוגעשלעפּט איהם צום איטאַליענער, געהאָלפען איהם דעם קאָפּ מיט די פערגלאַצטע אויגען אויפהייבען און איהם געפרעגט: „ער האָט עס געטהאָן?“ דער איטאַליענער האָט אָנגעשטעלט זיינע גלעזערנע אויגען אויף בעני׳ן און שטיל אַרויסגערעדט: „ניין, ניט ער. איך האָב עס אַליין געטהאָן!“ און דאַן האָט ער מעהר ניט גערעדט. און אין צעהן מינוטען שפּעטער, ווען אַן אמבולאַנס איז אָנגעקומען, איז ער שוין געוועז טויט...

אָט יענעם אויף־דער־נאַכט איז מייביל געוועז אויסער זיך, האָט אַלץ געוויינט איבער דעם איטאַליענער און גע׳טענה׳ט: „הי וואָז ע היראָ, אַי לאָוו׳ד הים!“ (ער איז געווען אַ העלד, איך האָב איהם געליעבט!) און בשום אופן איז זי יענעם אבענד מיט קיינעם נישט געגאַנגען.

אויף מאָרגען אָבער האָט זי שוין געטאַנצט פיר איינעם אַ גאַסט, אַ מאַן פון די מיטעלע יאָהרען, וועלכער האָט איהר דערפאַר עקסטרא געצאָהלט, נאַקעט־פרעך, ווי זי האָט איצט געטאַנצט פיר מיסעס דראַבקין . . .

.6

אין אַ ווייַלע אַרום, ווען זי איז ווידער אַריינגעקומען אין אַ ראָזעווען מאָרגען־קלייד, וואָס איז געווען שטייף אָנגעצויגען אַרום איהרע רונדע, דיקע היפטען, אין ווייסע שיכלאַך מיט ראָזעווע שלייפען, די שוואַרצע האָאָר צולאָזט איבער די אַקסלען, איז מיסעס דראַבקין שוין געזעסען ביים טיש מיט מיסעס גוטמאַן און זיי האָבען געטרונקען טהעע און פערביסען מיט קייק.

מייביל האָט פערראויכערט אַ סיגאַרעט, זיך אויסגעצויגען אויף דער זאָפע און פערריסען איין פוס הויך איבער׳ן ווענטעל פון דער זאָפע. בעני איז אַריינגעקומען. מיסעס דראַבקין האָט צושראָקען אַ ציטער געטהאָן.

— אַהאַ! — האָט ער אויסגעשריען — די פייטערקע איז דאָ?

איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן ביים דיקען אָרם.

זי איז אויפגעשפּרונגען און האָט געקוקט אויף איהם אי צושראָקען, אי עפּעס בייז, ווי אַ קאַץ אויף אַ הונד, וואָס, בעת ער בעפאַלט זי, וואָלט וועלען אנטלויפען פון איהם און דאָך שטעהט זי אָנגעגרייט מיט די נעגעל, צו בעשי־צען זיך געגען איהם . . .

— נו, פּייטערקע ? — האָט ער ווידער גע־זאָגט, געדריקט איהר דעם ארם, געקוקט איהר גלייך אין די אויגען אַריין מיט זיינע דורכדרינ־גענדע בליקען און אויסגעשטעלט זיינע ווייסע לאַכענדיגע ציינער.

— בעני, אַ גדולה אויף דיר. לאָז איהר טרינקען טהעע — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנ־גערופען.

— אָה, יעס, אָה, יעס ! — האָט זיך בעני אַ כאַפּ געטהאָן און איהר ארם איינגעלאָזט — איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אַז זי טרינקט. אי בעג יור פּאַרדאָן. טרינקט אייער טהעע !

זי האָט זיך צוריקגעזעצט אויף איהר אָרט, נישט ארונטערנעהמענדיג איהרע צושראָקענע און בייזע אויגען פון בעני'ן.

— בעני ! — האָט מייביל אַ רוף געטהאָן איהם און אַ ווינק געטהאָן מיט אַן אויג אויף מיסעס דראבקין און צוריק אויף די זאָפע.

— עס איז שוין אָלל־רייט ! — האָט ער געענטפערט.

מיסעס גוטמאַן האָט עס בעמערקט און אַ שמייכעל געטהאָן :

— אַ שטיעף טהאָן מיט איהר מעגסטו, זאָגט זי, אָבער נור ווי אַ מענש.

— נו, געוויס ווי אַ מענש — האָט ער אונ־טערגעכאַפּט, זיך ווידער אַ קעהר געטהאָן צו מיסעס דראבקין און וואויל יונגעריש פערשאַרט די שווארצע גלאַנציגע טשופּרינע אויף אַ זייט פון'ם קאָפּ — עס וועט שוין זיין אָלל־רייט. ניט אזוי הע ? . . .

ער האָט צו איהר ווידער ארויסגעשטעלט זיינע ווייסע לאַכענדיגע ציינער.

— געהט אוועק, איך האָב פאַר אייך מורא — האָט זי ארויסגערעדט.

ער האָט זי ארומגענומען :

— דאָס מעג איך דאָך ?

— געהט אַוועק ! גיט מען אייך נור אַ פינגער, ווילט איהר די גאַנצע האַנד — האָט זי געזאָגט.

— ביידע הענד, דאַרלינג ! — האָט ער זיך אָנגערופען און זי אַ זעץ געטהאָן צו זיך אויף די קניע.

מיסעס דראבקין האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון בעני'ס קניע :

— שוין ווידער ? . . .

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין די טהיר. בעני איז אויפגעשפּרונגען.

— מסתמא יענער — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען — מיסעס דראבקין, אַ גדולה אויף אייך. געהט אויף אַ ווייל'ע אַריין אין די קיך.

מיסעס דראבקין איז ארויסגעלאָפען אין די קיך און איז הינטער דער טהיר געבליעבען שטעהן מיט אַ שטאַרק־קלאַפּענדען הארצען. זי האָט פער'גנב'עט ארויסגעקוקט פון דאָרט, צו זעהן, ווער איז „יענער“.

אַ מאַן איז אַריינגעקומען אין אַ העלען אנ־צוג. מיסעס דראבקין האָט צוערשט דערזעהן זיין פיגור, אַ הויכע, ברייטע פיגור מיט אַ דיקען, רויטען שטאַרקען נאַקען, ווי ביי אַ פּאָליסמאַן. מייביל האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן איהם אויף'ן האַלז. דערנאָך האָט מיסעס דראבקין דערזעהן זיין פּנים אויך, און עס האָט איהר עפּעס היים אַ מיש געטהאָן אין'ם מוח. ער איז געווען זעהר אַ געזונטער מאַן, מסתמא אַ יאָהר עטליכע און פערציג, מיט אַ רונדען, ריין־געראַזירטען און רויטען פּנים, וועלכער איז אין גאַנצען געווען איין ברייטער שמייכעל. ער האָט געהאַלטען איין קורצע דיקע האַנד מיט פינקלענדיגע רינגען אויף די קורצע דיקע פינגער ביי מייביל'ן אויף קאָפּ און איהר די שווארצע האָאָר געגלעט.

בעני איז אין אַ זייטיגען צימער פערשוואונ־דען. מיסעס גוטמאַן האָט זיך רוהיג ביים טיש איהר טהעע געטרונקען. דערנאָך איז דער מאַן אין דעם פראָנט־צימער אַריין. מייביל האָט אַ ציה געטהאָן דאָס קלייד ביים הויכען בוזים, פעררויכערט אַ פרישען סיגאַרעט און איז אריינ־געלאָפען אין דעם פראָנט־צימער, דרעהענדיג מיט איהרע דיקע רונדע היפטען. דערנאָך האָט מיסעס דראבקין דערזעהן ווי די טהיר פון'ם פראָנט־צימער האָט זיך צוגעמאַכט . . .

מיסעס דראבקין האָט דערפיהלט אין די אויגען די וואַרעמקייט פון איהר בלוט און איבער איהר רוקען ביז צום מוח אונטער די האָאָר האָ־בען הייסע שטראָמען זיך דורכגעטראָגען, אין זי האָט געאַטהעמט אזוי היים.

פּלוצים איז זי ארויסגעלאָפען פון דער קיך־טהיר אין קאָרידאָר אַריין און צו זיך אין די טהיר אריינגעלאָפען. דאָרט האָט זי זיך אויף'ן בעט געוואָרפען, אומגעדרעהט זיך מיט'ן פּנים צו דער וואַנד, צוגעמאַכט די אויגען און איז גע־בליעבען אזוי ליגען מיט צופלאַמטע באַקען און אַ ברענענדיגען אַטהעם.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן : — גוואַלד !

— און גענומען פערצווייפעלט רייסען אויף זיך די האָאָר.

דאַן האָט זי זיך צוואויינט אין דאָס קישען אַריין :

— אָ, בעסער וואָלט איך בלינד געוואָרען ! בעסער וואָלט מיך אַ דונער דערשלאָגען, איידער איך האָב זיי גאָר דערקענט ! . . .

און ביי איהר איז געבליעבען : גענוג ! נאָך דעם חודש וועט זי אין גאַנצען ארויסציהען

פון דאַנען, אַנטלויפען פון דער דער דאָזיגער קליפּה, ווי פֿאַר פייער.

פאַרנאַכט אָבער, ווען איהר מאַן איז פון'ם פּעדלען געקומען, איהר קראַנקער, בלייכער, האַלב־טויטער מאַן, וועלכען זי האָט איצט אָנ־קוקען ניט געקענט, האָט איהר ווידער גענומען ציהען אַהין. זי האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז איהר מאַן האָט מעריב אָבגעדאַווענט און איז שלאָפען אַוועק, ווי געוועהנליך.

דאַן האָט זי פאַר דעם שפּיעגעל די האָאַר זיך פערקאַמט (פריהער, אַז זי איז אַהין גע־גאַנגען, האָט זי דאָס קיינמאָל ניט געטהאָן) און איז אַהין אַוועק.

גראַד איז אין יענעם אַבענד דאָרט געווען שטאַרק „ביזי". צוויי מיידלעך, אויסער מייביל'ן, זיינען דאָרט געווען און אַלע זיינען געווען פערנומען. די „געסט" האָט מען אַרויס־געלאָזט איינציגווייז, דורך די טהיר פון'ם עס־צימער, כדי איינער זאָל דעם אַנדערן ניט בעגע־גענען, ניט זעהן, סיידען ווען צוויי־דריי פריינד זיינען געקומען צוזאַמען. האָט זיי מי־סעס גוטמאַן אַריינגעפיהרט אין דעם זייטיגען צימער, וואו בעני האָט זיי אונטערהאַלטען מיט זיין געשפּרעך וועגען בייז־באָל, „פייטס", פּאָליטיק און זאַגאַר וועגען אַקטיאָרען און פּיעסען. האָט אַ נייער „גאַסט" אין די טהיר אָנגעקלאַפּט און די צימערן זיינען פערנומען געווען, האָט מיסעס גוטמאַן דעם קאָפּ פון צווישען דער טהיר אַרויסגעשטעקט און דעם „גאַסט" שטיל געזאָגט: „קומט, אַ גדולה אויף אייך, אין אַ צעהן מינוט. דאָ איז דאָ איינער, וועלכען איהר קענט". און ער איז אַוועק און צוריקגעקומען אַ צעהן מינוטען שפּעטער. די „געסט" זיינען אַלע געווען בעקאַנטע, אָדער אַזוינע, וואָס זיינען רעקאָמענדירט געוואָרען פון בעקאַנטע. אָהן אַ רעקאָמענדאַציאָן האָט מיסעס גוטמאַן קיינעם ניט אַריינגעלאָזען, אויס מורא, מען זאָל זי ניט מסור'ן.

מיסעס דראַבקין איז געזעסען הינטער דער טהיר פון דער קיך און פער'גנב'עט אַרויסגע־קוקט. און זי האָט געזעהן, ווי די מענער זיי־נען פערשוואונדען מיט די מיידלעך הינטער די טהירען, ווי זיי האָבען זיך צוגעמאַכט. האָט געפיהלט דאָס צאַפּלען זיך הינטער זיי, גע־שפּירט קושען און אומאַרמונגען, פון וועלכע אין איהר מוח האָט זיך געמישט. יעדעסמאָל, ווען אַ מיידעל האָט געזאָלט געהן מיט אַ נייעם „גאַסט", האָט מיסעס דראַבקין געהערט, ווי מיסעס גוטמאַן האָט איהר שטיל געזאָגט:

— שנעלער, מען דאַרף די קישען! —

און מיסעס דראַבקין האָט זיך געוואונדערט: וואָס מיינט זי מיט דעם.

שפּעטער, ווען דאָרט זיינען שוין קיין געסט ניט געווען, האָט מיסעס דראַבקין ביי איהר געפרעגט, וואָס האָט זי געמיינט מיט דעם, און מיסעס גוטמאַן האָט מיט איהר צנועת'דיגען שמייכעל דאָס איהר ערקלערט.

אַ זייגער צוועלף האָט אָנגעקלאַפּט אין די טהיר אַ נייער גאַסט. די אַנדערע מיידלעך זיינען שוין געווען אַוועק. מיסעס דראַבקין, וואָס האָט זיך דאָרט געהאַט פערדרעדט מיט מיסעס גוטמאַן און טאַקע מכוח די דאָזיגע ביז־נעס, וועגען וועלכער זי האָט איצט גערעדט און זיך צוגעהערט מיט אַ מין קראַנקהאַפטער נייגעריגקייט, איז גלייך אין די קיך אַריינגע־לאָפען.

דער נייער „גאַסט" איז געווען עפּעס אַ מין פערזעהניש, אַ קליין, מאָגער נפש'ל מיט אַ פערקרימטען מויל, שמאָלע, שפּיציגע אַקסלען און מיט הענד און פיס, ווי שפּענער. און ווי זי האָט זיך פערוואונדערט, ווען מייביל איז מיט אַ פערליעבטער מינע אין דעם פראָנט־צימער מיט איהם פערשוואונדען.

— וועה איז מיר! — האָט זי געטראַכט — ווען מען זאָל מיך אין גאַנצען אָפּשיטען מיט גאָלד, וואָלט איך מיט אַזאַ ניט געגאַנגען. אפילו מיין מאַן איז דאָך אַ מאָנאַרכע געגען איהם!...

און שפּעטער, ווען זי האָט דאָס געזאָגט מיסעס גוטמאַן, האָט יענע איהר געענטפערט:

— אַי, אַ גדולה אויף אייך, וואָס רעדט איהר? אַ חתן קלייבט מען זיך אויס, אָבער ניט אין ביזנעס. זיינע צוויי דאָלאַר זיינען אויך כשר'ע אַמעריקאַנישע.

איצט האָט זי אָנגעהויבען צו געהן אַהין אָפטער, ווען געסט זיינען דאָרט געווען. עס האָט זי געצויגען אַהין, ווי עס ציהט דעם ליי־דענשאַפטליכען שפּיעלער, וואָס האָט זיך אין גאַנצען אין די קאָרטען אַריינגעטהאָן, צום קאָרטען־שפּיעל. זי האָט געשפּיעלט, גע־שפּיעלט מיט איהרע געפיהלען און געדאַנקען אַן אונרוהיגען און ברענענדיגען שפּיעל... זי האָט זיך געשראָקען פאַר דעם דאָזיגען שפּיעל און, אַזוי ווי אַ קאָרטען־שפּיעלער, וועלכער פיהלט, אַז דאָס שפּיעלען מאַכט איהם אונגליקליך, טרייבט איהם צום אונטערגאַנג, זאָגט זיך צום צעהנטען און צום הונדערטען מאָל, אַז ער וועט מעהר ניט שפּיעלען און צום סוף שפּיעלט ער דאָך און פערלירט נאָך און נאָך; אַזוי האָט זי זאָך אויך געזאָגט: אַנט־לויפען פון דאַנען, אַנטלויפען וואָס גיכער, הונדערט מאָל אַ טאָג זיך דאָס געזאָגט, הילף ביי גאָט געבעטען, תחינות געלייענט, צו איהר קינד מיט טרעהרען גע'טענה'ט, און צום סוף איז זי דאָך אַהין געגאַנגען, די האָאַר צוגע־קאַמט, אין דער שבת'דיגער בלוזקע, געזעסען דאָרט הינטער דער קיך־טהיר און האָט פער־גנב'עט אַרויסגעקוקט.

זי האָט שוין איצט פיעל סודות פון דאָרט געוואוסט, אויך דאָס, אַז בעני לעבט מיט דער

דיקער רויטער ברכה פון דער טהיר נומער 2 און אז מען קלייבט זיך זי צו מאַכען פאַר „סחורה“.

און, מערקווירדיג, ווי עס האָט איהר ניט געצויגען צו בעני׳ן, האָט זי איהם איצט אָנגעהויבען אויסמיידען פיעל מעהר ווי פריהער. אזוי ווי זי וואָלט געפיהלט, אז איהר הויפּט סכנה איז ער. זי האָט איהם אפילו איצט ניט געלאָזט מיט איהר גראָב א שטיעף צו טהאָן, ווי פריהער. און האָט ער עס געוואָלט טהאָן, איז זי אָדער צו זיך אנטלאָפען און האָט די טהיר פערשפּאַרט, אָדער זי האָט מיט א מין פערצווייפלונג איהם אָפּגעשטויסען פון זיך.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע פערצווייפעלטע ראַנגלען זיך פון די צניעות, וואָס זי האָט מיט זיך פון איהר קליין שטעדטעל געבראַכט, געגען די מורא׳דיגע הפקרות, וואָס האָט זי איצט ארומגערינגעלט און געזוכט זי צו פערשלינגען . . .

.7

עס איז געווען א הייסער שבת נאָכמיטאג אין מיטען זומער. הינטער מאַנכע טהירען פון דעם טענעמענט־הויז האָט דער שבת קודש גערוהט, הינטער די מייסטע איז קיין זכר פון איהם ניט געווען. דאָרט, וואו ער האָט גערוהט, האָבען די מענשען געטראָגען שבת׳דיגע פּנים׳ער, רוהיגע, ניט־פער׳דאגה׳טע, און קליידער אויף שבת׳דיגע, זיינען געגאַנגען אין שוהל מיט די טליתים אונטער די פּאַכוועס, האָבען קידוש געמאַכט, אָבגעגעסען און זיך אויסרוהען צוגעלעגט, אָדער זיינען געזעסען איבער א ספר ביים אָפענעם פענסטער, אָדער אין דער־הויף פאַר דאָס ווייב און פאַר די אַנדערע אינ׳ם הויז א צייטונג געלעזען, צי גאָר אויף דרויסען ארויס, די הענד אויף הינטען פערלעגט און לאַנגזאַם מיט א שבת׳דיגער מינע איבער׳ן טראָטואַר ארום הויז געשפּאַצירט, ווי אמאָל אין דער אַלטער היים איבער׳ן שאָססע, צי איבער די רוהיגע שבת׳דיגע גאַסען, און א ניגעלע אין דעם ארומיגען טומעל געברומט. די יונגע טעכטער זייערע זיינען אין דער גאַס־טהיר געשטאַנען אויסגעפּוצט, צי זיינען געזעסען אויף די טרעפּ אין דרויסען און האָבען גערעדט מיט א פריינדין, צי מיט א בעקאַנטען יונגענמאַן. מאַנכע פון די דאָזיגע מיידלעך, אין א הוט פון דער לעצטער מאָדע און אין א העל, זיידען, שאָרישענדיג קלייד מיט שפּיעלענדיגע פאַרבען, איז מיט א חתן אין א פּאַרק אָדער צו א פּיק־ניק געגאַנגען. און דאָרט, וואו דער שבת האָט ניט גערוהט, איז די וואָכעדיגקייט שווער געלעגען אין יעדען ווינקעלע פון די צימערן און דער אונרוהיגער טומעל פון דער גאַנצער וואָך האָט זיך דאָרט געטראָגען, און פון די פּנים׳ער איז ניט אָבגעוואַשען געווען די וואָכעדיגע דאגות, און די נשמות האָבען פון זיך ניט ארונטערגעטרייסעלט די וואָכעדיגע זאָרגען, און די קערפּערס — די וואָכעדיגע מלבושים. די מענער האָבען געאַרבייט אין די שעפּער און די פרויען האָבען געקאָכט און געוואַשען, און ניט גערוהט הינטער זייערע טהירען, ווי יעדען טאָג פון א גאַנצען יאָהר.

אין דעם טענעמענט־הויז האָט די הייליגקייט פונ׳ם שבת זיך אויסגעמישט מיט דער שווערער וואָכעדיגקייט, ווי בכלל די זויבערקייט און ריינקייט מיט שמוץ און אונצוכט.

הינטער דער טהיר נומער 3 האָט אויך דער שבת גערוהט. אויפ׳ן ווייס־געדעקטען טיש אינ׳ם עס־צימער זיינען געשטאַנען דריי בלישצענדיגע לייכטער מיט פערגליווערטע שטיקלאך חלב פון אויסגעברענטע ליכט ארום די מיילער, אזוי ווי די מעשענע מיילער וואָלטען די דאָזיגע פעטע ליכט געהאַט פערשלונגען און סמנים פון דעם פעטס וואָלטען ארום זייערע ווינקלען פערבליבען.

די ליכט האָט נעכטען געבענשט די אַלטע מיסעס גוטמאַן און ביז דער שבת איז ניט געווען פאַראיבער, האָט מען די לייכטער פונ׳ם טיש ניט געטאָרט ארונטערנעהמען.

מיסעס גוטמאַן, אין א געבלומטען מאָרגען־קלייד און מיט א שבת׳דיגען שייטעל אויפ׳ן קאָפּ, איז געזעסען אויף א שטול ביים טיש איבער אן אָפענעם טייטש־חומש,ביידע דיקע ארעמס פערלעגט אונטער די ווייסע שפּיצען פונ׳ם מאָרגען־קלייד ביים בוזים, האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און לאַנגזאַם, מיט א תחינה־ניגון, געלייענט אויפ׳ן קול. גאַנץ אָפט האָט זי אין מיטען לייענען א שווערען זיפץ ארויסגעלאָזט און פון צייט צו צייט האָט זי זאָגאַר איינע פון איהרע דיקע הענד פון אונטער די שפּיצען ארויסגענומען און מיט איהר די ווינקלען פון די אויגען געווישט.

ביי דער זייט אויף דער זאָפע איז געלעגען מייביל אין א ראָזעווער בלוזקע און האָט געקוקט ארויף צו דער סטעליע מיט א סיגאַרעט אינ׳ם מויל. איין פוס, שלאַנק און רייצענד, אין א שוואַרצען, זיידענעם און דורכזיכטיגען זאָק מיט א ראָזאָווען בענדעל האָט זי פון דעם שמאָלען, שוואַרצען קליידעל ארויסגעשטעלט און אין די וואַנד איבער דער זאָפע מיט איהם געקלאַפּט. אזוי אפּנים איז איהר בעקוועמער געווען צו ליגען און אפשר איז ביי איהר שוין אזאַ געוואָהנהייט געווען.

זי האָט זיך ערשט צוריקגעקעהרט פון דער גאַס, וואו זי האָט זיך א נייע הוט געקויפט פאַר 25 דאָלאַר, און נאָך געהאַט אויף די פינגער פון ביידע הענד די רינגען מיט אמת׳ע און פאַלשע בריליאַנטען און דעם לאָוועליר מיט פאַלשע בריליאַנטען אויפ׳ן האַלז, וואָס זי פלעגט טראָגען יעדעס מאָל, ווען זי איז געגאַנגען אין א גרויסען געשעפט, עפּעס קויפען.

די פּענסטער פון׳ם צימער זיינען געווען צוגעמאַכט, די פאָרהאַנגען איבער זיי אַרונטערגעלאָזט, און דאָרט איז געווען האַלב דונקעל און היים, און עס האָט געשמעקט מיט אָדעקאָלאָן, פּודרע, קאַרבאָל און מיט נאָך עפּעס אַ שטאַרקען שטאָף.

אין די שטילקייט פון׳ם צימער זיינען שווער, אָהן אַ טאָלק און סדר און געפּלאָנטערט, געפאַלען די ווערטער פון׳ם טייטש־חומש, וואָס מיסעס גוטמאַן האָט אַרויסגעזונגען מיט אַ תחינה־ניגון, און מייביל׳ס קלאַפּען מיט׳ן פוס אין די וואַנד האָט ווי אַקאָמפּאַנירט איהר. צייטענווייז האָט די סטעליע אויבען אויפגעציטערט פון דומפּפּע טריט, דאַן האָבען די געז־רעהרען, וואָס האָבען זיך געצויגען פון אויבען, אַרויסגעלאָזט אַ פערזשאַווערטען, פערשלאָפענעם קלאַנג, אָדער אָן די צוגעמאַכטע פּענסטער האָט אַ טומעל פון דער גאַס זיך אָנגעקלאַפּט, צי פון דער טהיר נומער 4 האָט זיך דערהערט דראַבקינ׳ס קול, וואָס האָט דאָרט מיט אַ געשמאַקען ניגון מעביר סדרה געווען.

און אַז מיסעס גוטמאַן האָט דערהערט דעם דאָזיגען געשמאַקען ניגון, מיט וועלכען די הויז־קיפּערינ׳ס פרומער מאַן האָט דאָרט מעביר סדרה געווען, האָט זי אַליין אויך גענומען זאָגען האַרציגער און העכער, אַזוי האַרציג, דאָס יעדע ווייל׳ע האָט זי געמוזט די אויגען ווישען מיט איהר דיקער האַנד.

— די חכמים זאָגען — אָי, וועה איז מיר!

— האָט זי געלייענט מיט אַ תחינה־ניגון — דרום שטהעט תש־תש־ט־טה, צו ווייזען, דאָס קיין מענש טהוט ניט קיין עבירה, סיידון עס געהט אין איהם אַריין אַ נאַרושו דעה. אָי, וועה איז מיר! — האָט זי זיך אונטערבראָכען און געלייענט ווייטער. — דען תש־תש־ט־טה הייסט זי וועט פער נאַרושון. עס איז געווען אַ מעשה. צוויי שוועסטער האָבען געהאַט איין גישטאַלט. האָט איינו מזנה גיוועןְ. האָט מען איהר גיוואָלט געבון טרונקון דאס ביטערע וואַסער פון דעם בית המקדש. — אָי, וועה איז מיר! — האָט זי גיזוגט צו איהר שוועסטער: געה דו אויף מיין אָרט, דען דו האָסט ניט מזנה גיוועןְ, וועט דאס ביטורע וואַסער דיר ניט שאַטון. איז די שוועסטער גיגאַנגון אין בית המקדש אַריין און מען האָט איר גיגעבון צו טרונקון דאס וואַסער און עס האָט איהר ניט געשאַט.

— וואָס דען? — האָט מיסעס גוטמאַן אונטערבראָכען איהר לייענען — זי האָט דאָך נישט געזינדיגט, אַ כשר׳ע נשמה געווען. אודאי וועט דאָס ביטערע וואַסער איהר נישט שאַדען.

און זי האָט ווייטער געלייענט מיט׳ן אייגענעם ניגון:

— אָי, וועה איז מיר!... און אַז זי איז גיקומון, האָט זי די שוועסטער אָן גיהובון צו האַלזון און צו קושון, ווייל זי האָט זי מציל גיוועןְ פון דעם טויט, אַזוי איז אין איר אַריין דער ריח פון דעם וואַסער, וואָס איהר שוועסטער האָט גיטרונקון, און זי איז ווארון גישוואָלון און איז גישטאָרבון פון דעם ריח פון דעם וואַסער.

מיסעס גוטמאַן איז דאָ אויסער זיך געוואָרען, האָט געקרעכצט: אָי וועה איז מיר, וועה איז מיר, געווישט די אויגען מיטביידע הענד און גע׳טענה׳ט צו זיך:

— פון דעם ריח נור! נור פון אַ שמעק! וואָס דען? מען קען עפּעס גאָט אָפּנאַרען? ער זעהט אַלסדינג און מיט קיין דאָלאַר כשר זיך מאַכען ביי איהם קען מען אויך ניט! פון איין שמעק! אַי־אַי־אַי! גאָר ווי פון דער מיאוס׳ער קראַנקהייט!... איך זאָג דאָס שוין לאַנג: צו דעם זינדיגען מענשען קלעפּט זיך. די זינד אַליין זיינען קלעפּעדיג. זאָל איינער נור איין פוס אַריינשטעלען אין די זינד, איז פערפאַלען — קריכט ער דערנאָך מיט ביידע פיס אַריין, נישט אַרויסצורייסען! ווערט אין גאַנצען אין דעם איינגעטונקט! ווער פון אונז ווייסט עס ניט, ברוך השם?

מייביל האָט געלאַכט אויף אַ הייזעריגליכען קול און זיך געקייקעלט אויפ׳ן בויך. זי האָט זיך האַלב אַרונטערגעלאָזט פון דער זאָפע, די שוואַרצע האָאַר צושאָטען איבער די באַקען און אַקסלען, געקוקט אויף מיסעס גוטמאַן מיט שוואַרצע, ברענענדיגע און לאַכענדיגע אויגען, געדריגעוועט מיט ביידע שלאַנקע פיס איבער דער זאָפע אין די וואַנד, געקייקעלט זיך אויפ׳ן בויך און געלאַכט, געלאַכט. דאָס שמאָלע שוואַרצע קלייד האָט זיך אויף איהר פערקאַשערט און אַרויסגעוויזען אַ ברעג פון איהר זיידענעם אונטער־קלייד פון אַ פייער־קאָליר. איין בלישצענדיגע האַנד מיט׳ן רויכיגען סיגאַרעט האָט זי אין גאַנצען פון דער זאָפע אַרונטערגעהאַנגען, און דינע בלויע רינגעלאַך רויך האָבען זיך געשלענגעלט פון אונטען אַרויף, פערבלאָנדזשעט אונטער די זאָפע און זיינען דאָרט פערשוואונדען.

— וואָס לאַכסטו, מייביל, אַ גדולה אויף דיר, איז עס אפשר ניט אמת, האַ?

— דו איז אַזוי פאָני — האָט מייביל זיך אָנגערופען אויף איהר אַמעריקאַנישען אידיש און געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס אַלע מאָל, בעת מיסעס גוטמאַן האָט זיך צו׳טענה׳ט וועגען די מענשליכע זינד: — פאַרוואָס דו ניט אַ ראַבי? — און זי האָט ווייטער געלאַכט.

— זאָג איך טאַקע, אַ גדולה אויף דיר, אַז מען קריכט אַריין מיט איין פוס, קריכט מען שוין מיט דער צווייטער. אַי, קינדעלע, שווער זיך דערנאָך אַרויסצורייסען, שווער! שוין אַ יאָהר 25 ווי איך רייס זיך. אַלע מיינע

יאָהרען אין אָדעס זיך געריסען. קיינמאָל אָן גאָט זיך ניט פערגעסען. נאַרעלע דו, איך בין ניט אבי ווער. מיין מאַמע, מיר צו לאַנגע יאָהר, איז געווען א פרומע אידענע, אַן אמת'ע צדקנית, מיין טאַטע — א שעהנער איד, א צדיק. נור איך בין אריינגעפאַלען, ווי דו: יונגע בלוט, יונגער שכל — אריינגעפאַלען, פערפאַלען, בעשערט געווען אזוי. נו, האָב איך געוואָלט זיך ארויסרייסען און חתונה האָבען. נו, האָב איך חתונה געהאַט מיט מיינעם, פוילען זאָל ער דאָרט, וואו ער איז. און אפשר האָט ער שוין טאַקי דצָרט איינגענומען, אין אדעס? ווייס איך, דער שד וועט איהם אזוי גיך ניט נעהמען, אזאַ!... נו, איז נאָך דער חתונה האָט ער געוואָלט דוקא אזאַ געשעפט. בין איך א פּאָאר מאָל דערנאָך אַוועק פון איהם, געפּרובט עפּעס טהאָן אַנדערש, אַוועק אין אן אַנדער שטאָדט, אויסגעליהען געלד אויף פּראַצענט, אַ שניט־קראָם געהאַט, אָבער קיין מזל איז ניט געווען. געמוזט צוריק פאָהרען צום מאַן, צוריק צום אַלטען געשעפט. און פאַר פינף יאָהרען, אז איך בין געקומען קיין אַמעריקאַ, האָב איך אודאי פון אַזאַ ביזנעס נישט געטראַכט. אזוי וואָלט איך גאָר קיין אַמעריקאַ ניט אָנגעהייבען צו פאָהרען. געהאַט אביסעל געלד מיט זיך. בין איך געזעסען און געגעסען מיין געלד. צו־וואָס מען נעהמט זיך דאָ האָב איך ניט געוואוסט. האָב איך שוין געוואָלט פאָהרען צוריק קיין אַדעס צו מיינעם, ערשט איך טרעף דאָ אן אַלטען בעקאַנטען, געווען אמאָל מיין מאַנ'ס א שותף אין אַדעס. דאָ איז ער אויך אין די אייגענע ביזנעס געווען. נו — מאַכט ער — שותפות. זאָל זיין שותפות. וואָס איז דער חילוק — דאָ צי אין אַדעס? נאָך מיינעם בענק איך דאָך ניט, פון מיינטוועגען מעג ער דאָרט פוילען. און קיין קינדער האָב איך דאָרט אויך ניט איבערגעלאָזט. א דאַנק גאָט כאָטש דערפאַר, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל ניט געהאַט — וואָס פאַר א לייט וואָלט פון זיי, ברוך השם, געקענט ארויסקומען. בין איך מיט איהם אָפּגעווען דריי יאָהר אין דער ניינטער סטריט. דערנאָך, אז בעני האָט אונז אריינגעבראַכט דריי מיידלעך, האָבען מיר זיך מיישב געווען, אז ער קאָן זיין פאַר אונז א פיינער שותף, האָבען מיר איהם אריינגענומען און איך מיט איהם האָבען אהער אריינגעמופּט און יענער פיהרט זיך דאָרט דעם געשעפט. געלד, א דאַנק גאָט, ברענגען אריין ביידע געשעפטען, אָבער, קינדעלע, א גדולה אויף דיר, מען ווערט אייגעטונקט אַלץ מעהר און מעהר אין זינד. מען רעדט צו אַנדערע צו זינדיגען. מען פערשלעפּט. אָט וועט די רויטע ברכה'קע מסתמא היינט אויך אריינגעשלעפּט ווערען. בעני ריכט זיך דאָ היינט אויף איהר. און פאַראַכטאָגען ענני, און פריהער — די קליינע רחל'ע... און דו מיינכט, אַי מיסעס דראַבקין וועט זיך ארויסדרעהען? מיינע און דיינע שונאים זאָלען אזוי לעבען! אז בעני האָט זיך אריינגענומען אינ'ם קאָפּ, איז פערפאַלען. און מען מוז איהם נאָך העלפען. שוין אזאַ ביזנעס, א גדולה אויף דיר. ווייסט טאַקי, אז עס איז א גרויסע, א מורא'דיגע זינד, פיהלסט טאַקי א וועהטאָג אינ'ם האַרצען, דו וואָלסט אודאי דאָס ניט וועלען טהון, אָבער וואָס קען מען זיך העלפען? די ביזנעס איז אַזאַ. דאַרפסט האָבען סחורה, וואָס בעסערע, וואָס שעהנערע און וואָס ביליגערע. דער דאָקטאָר וויל מען זאָל קרענקען, דער קברות־מאַן — מען זאָל שטאַרבען, און מיר — מען זאָל זינדיגען...

מייביל איז שוין געלעגען מיט די פיס אונטער זיך און האָט זי ניט געהערט. אינ'ם מויל האָט ביי איהר געשטעקט א פרישער סיגאַרעט'ל. אזוינע רייד האָבען אויף איהר נור געווירקט די צעהן טעג צווישען ראש השנה און יום כיפור, ווען אינ'ם הויז איז געווען „ריין" און ווען דאָרט האָט זיך שטאַרק געפיהלט דער פחד פאַר גאָט'ס צאָרן; איצט אָבער האָט זי געטראַכט וועגען די רויטע ברכה'ן, וועלכע האָט געזאָלט היינט געמאַכט ווערען פאַר א „סחורה", און האָט געוואַרט אויף דעם מיט א מין בעזונדערער אונגעדולד, אזוי ווי אינ'ם טהעאַטער ביי א פאָרשטעלונג אויף א זעהר אינטערעסאַנטע, אויפרעגענדע סצענע. זי האָט שוין געזעהן ווי מען האָט „טריף" געמאַכט, ווי זי און בעני האָבען עס גערופען, ענני'ן און די קליינע רחל'ען און זי האָט דערפון שטאַרק הנאה געהאַט. אפשר נאָך אויך דערפאַר, ווייל אזוי וועלען נאָך אַנדערע מיידלעך ווערען ניט בעסער פון איהר...

מיסעס גוטמאַן האָט געלייענט ווייטער איהר טייטש־חומש.

פלוצלונג האָט מייביל זיך צולאַכט און אויסגעשריען אויף ענגליש:

— ווען איך וואָלט געווען היינט א באָי... עס וועט זיין זעהר „פאָני", ווען די רויטע ברכה... הע?...

מיסעס גוטמאַן האָט זיך א כאַפּ געטהאָן:

— אָי, געוואַלד, געוואַלד! שטן מקטרג דו, וואָס קומסטו מיט דיינע רייד, ווען איך לייען דעם טייטש־חומש? אַי, מייביל, א גדולה אויף דיר, דו ווייסט דאָך, אז ווען איך נעהם א היילינען וואָרט אין מויל, וויל איך אזוינע רייד ניט הערען!...

זי האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם שטול און איז מיט'ן טייטש־חומש ארוים אין די קיך.

מייביל האָט זיך נאָך העכער צולאַכט.

(פאָרטזעצונג קומט)

לעאָ דייטש

מיכאַאיל באַקונין

(געבאָרען דעם 30טען מאַי, 1814 — געשטאָרבען 6טען יוני, 1876)

קיינער פון די רעוואָלוציאָנערען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ניט אין מערב־אייראָפּאַ, נאָך ווענינער אין רוסלאַנד, איז אזוי פּאָפּולער געווען, אזוי געשעצט און געליעבט געווען, ווי מיכאַאיל באַקונין, דער „נביא פון אַלגעמיינער צושטערונג". אין די טסער יאָהרען איז געוואַלדיג פּאָפּולער געווען דער גרויסער אַגיטאַטאָר פערדינאַנד לאַסאַל; אין רוסלאַנד טשערנישעווסקי, „דער גרויסער געלעהרטער און קריטיקער", ווי מאַרקס האָט איהם אָנגערופען. אָבער זייער פּאָפּוליאַריטעט האָט בשום אופן ניט געקאָנט אויסהאַלטען דעם פערגלייך — איך געדענק עס גאַנץ גוט — מיט דער פּאָפּוליאַריטעט פון באַקונין. די רעוואָלוציאָנערען פון דער גאַנצער וועלט — בעזונדערס פון די סלאַווישע און ראָמאַנישע לענדער — האָבען זיך געשפּיעגעלט מיט איהם. און דאָס איז נאָך מעהר וואונדער, וואָס צווישען די אַנגעזעהנע רעוואָלוציאָנערען פון זיין צייט איז ער ווייט ניט געווען דער געבילדעטסטער און געלעהרטעסטער. ווי ער אליין האָט זיך אָפּענהערציג מודה געווען, האָט ער פון בילדונג „גענאַשט פון דאַנעט און פון דאָרט צו ביסעלאַך, מעהרסטענס פון צווייטע און דריטע הענד". און קיין גרויסער שרייבער איז ער אויך ניט געווען, קיין וויכטיגע ווערק האָט ער ניט איבערגעלאָזען. זיינע ווערק זיינען ניט מעהר ווי סברות פון „אייגענעם קאָפּ" — אמת, פון א קלוגען קאָפּ, וואָס בענעהמט און פערשטעהט זאַכען, אָבער וועלכער איז ניט איבריג אָנגעלאָדען מיט קענטניסע. זיינע מייסטע ווערק דערמאָהנען אָפט די פערפאַסונגען פון א זעהר פעהיגען גימנאַזיסט. ווי קומען זיי צו די ווערק פון לאַסאַל און טשערנישעווסקי און בעזונדערס פון דעם ריעז פון געדאַנקען און וויסען — קאַרל מאַרקס! און דאָך איז דער שעפּפער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס, דער גרינדער פון „אינטערנאַציאָנאַל", דער פערפאַסער פון „קאָמוניסטישען מאַניפעסט" און „קאַפּיטאַל", ביי זיין לעבען, ווייט ניט אזוי בעריהמט געווען, ווי דער „נביא פון אַלגעמיינער צושטערונג". ווי דערקלערט זיך דאָס? זיין אָריגינעלער כאַראַקטער, זיין וואונדערבאַרע לעבענס־געשיכטע האָבען איהם בעריהמטהייט געשאַפען. זיין לעבען איז א לעגענדע געווען, און די לעגענדע טהוט אָן א קרוין אויף איהרע העלדען. זי האָט דערהויבען באַקונין׳ען פּונקט אזוי ווי זי האָט דערהויבען באַקונין׳ס צוויי צייטגענאָסען, וואָס נור זיי האָבען זיך געקאָנט פערמעסטען מיט איהם אין בעריהמטהייט — דער פראַנצויז אָגיוסט בלאַנקי, און נאָך מעהר דער איטאַליענער דזשוזעפּע גאַריבאַלדי.

באַקונין׳ס אָבשטאַמונג און ערציהונג.

באַקונין׳ס פאָטער איז געווען א גאַנץ תקיפ׳ער גוטסבעזיצער פון טווערער גובערניע, וואָס איז געווען זעהר ליבעראַל און געבילדעט. א סברה, אז ער איז געשטאַנען אין בעציהונגען מיט די „דעקאַבריסטען" — יענע אַריסטאָקראַטישע פערשווערער, וועלכע האָבען אין דעצעמבער 1825, בעת ניקאָלאַי דער ערשטער האָט בעשטיעגען דעם רוסישען טראָהן, געוואָלט אויפהויבען א פאָלקס־אויפשטאַנד. אלס ליבעראַלער מענש, האָט באַקונין׳ס פאָטער ניט געלאָזט זיינע קינדער צו שטאַרק שפּירען זיין פאָטערליכע אויטאָריטעט. אָבער פון דער דעמאָלסדיגער מאָדע פון די רוסישע אַדעללייט איז ער ניט אָבגעטראָטען און האָט אַוועקגעגעבען זיין זוהן מיכאַאיל דוקא אין א מיליטערישע לעהר־אַנשטאַלט — אין אַן אַרטילעריע־שולע. באַקונין פערלאָזט איהר אָבער אין גיכען, בעזעצט זיך אויף א קורצע צייט ביים פאָטער אין דאָרף, און דאַן פאָהרט ער אָב קיין מאָסקווע מיט דער כונה אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט.

עס איז געווען די אומגליקליכסטע צייט אין רוסלאַנד. ניקאָלאַי איז געווען אָנגעשראָקען און אויפגערעגט צוליעב דעם דעקאַבריסטען אויפשטאַנד, און ער האָט געשטיקט און געדריקט ניט נור יעדע פרייהייטליכע שטרעבונג, נור אפילו די שטרעבונג צו פשוט׳ער בילדונג. געוועלטיגט האָבען איבער רוסלאַנד פינסטערלינגע און כאַבאַרניקעס. דאָס פאָלק האָט געקרעכצט אונטער דעם דאָפּעלטען יאָך פון פאַנ־

שציזנע און סאָלדאַטשינע. 25 יאָהר איז דער סאָלדאַט געשטאַנען אונטער דער טאָג־טעגליכער געפאַהר פערפייניגט צו ווערען אויף טויט. און ניט ווייניגער האָט געהאַט אויסצושטעהן דער פויער אין דאָרף — פערקאַטעווען א פויער איז אויך געווען איינע פון די לייכטעסטע זאַכען, — און קיין אויסוועג פון די צרות האָט זיך ניט געזעהן.

צו יענער צייט האָט זיך אין מאָסקווע געהאַט פערזאַמעלט א הייפעלע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט שטודירען די פריהייטליכע אידעען, וואָס האָבען זיך דערטראָגען צו זיי פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, בעלגיען. דעם הייפעלע איז בעשערט געווען א רוק צו טהאָן רוסלאַנד אויפ׳ן וועג פון גייסטיגען פאָרטשריט. זיי האָבען פאָרבערייטעט רוסלאַנד׳ס בעפרייאונג. צו דעם קרייז האָבען געהערט דער קריטיקער בעלינסקי, דער פובליציסט הערצען, דער ראָמאַניסט טורגעניעוו, דער פאָעט נעקראַסאָוו א. ז. וו. און אין דיזען קרייז איז אריינגעפאַלען באַקונין.

און דאָ איז מיט באַקונינ׳ען געשעהן אן אונגלויבליכע זאַך: דאָ, אינ׳ם קרייז, וואו די לופט איז געווען אָנגעזאַפט מיט די איראָפעאישסטע געדאַנקען, איז באַקונין געוואָרען א הייסער פערטיידיגער פון צאַר ניקאָלאַי׳ס בלוטיגען רעזשים. ווי אזוי איז דאָס מעגליך געווען? א פילאָזאָפישער זאַץ האָט איהם פערפיהרט.

די מאָדערנסטע פילאָזאָפיע צו יענער צייט איז געווען די פילאָזאָפיע פון העגעל. אויף העגעל׳ס פילאָזאָפיע האָבען זיך ערצויגען די בעריהמטעסטע קעמפפער פאַר פראָגרעס און פרייהייט: פייערבאַך, מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל און פיעלע אַנדערע. מאַרקס, ווי בעקאַנט, האָט דעם ערשטען שטויס צו דער שאַפונג פון א וויסענשאַפטליכען סיסטעם פון סאָציאַליזם בעקומען פון העגעל׳ס פילאָזאָפיע. אויף באַקונינ׳ען האָט זי געווירקט פונקט פערקעהרט. ער איז געוואָרען א פינסטערער קאָנסערוואַטאָר.

דאָ איז ניט דער פלאַץ אריינצולאָזען זיך אין איינצעלהייטען וועגען העגעל׳ס פילאָזאָפיע. עס וועט זיין גענוג צו זאָגען, אז אויך אין דער היימאַט פון דעה דאָזיגער פילאָזאָפיע, אין דייטשלאַנד, זיינען העגעל׳ס אנהענגער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין צוויי בעזונדערע ריכטונגען — עס זיינען אויפגעקומען רעכטע און לינקע העגעליאַנער. די חלוקי דעות זיינען געווען אזוי שטאַרק, אז פריהעריגע אידעען־פריינד זיינען געוואָרען איינע אויף די אַנדערע להרוג ולאבוד.

העגעל׳ס פילאָזאָפיע האָט טאַקע אם בעסטען אָבגעשפיעגעלט די בעדערפנישען פון יענער צייט, זי האָט געגעבען די בעסטע ערקלערונג צו אַלע פראַגען פון לעבען און וויסענשאַפט, אָבער פון איהר האָט זיך געלאָזט ציהען ענטגעגענגעזעצטע שליעסע.

דער גרונדזאַץ פון דער דאָזיגער פילאָזאָפיע איז: „אַלץ וואָס איז ווירקליך איז פערנינפטיג, און אַלץ וואָס איז פערנינפטיג איז ווירקליך“ — דאָס לאָזט זיך אויסטייטשען פערשיעדען. דער רעכטער פליגעל האָט גע׳טענה׳ט: ווען אַלץ וואָס איז ווירקליך איז פערנינפטיג, מוז מען זיך צופריעדענשטעלען מיט דער ערגסטער ווירקליכקייט, און עס איז אומזיסט דער קאַמפף געגען איהר. ווי עס איז, אזוי מוז זיין. ניקאָלאַי׳ס רעזשים איז א הייליגע אָרדנונג.

דער לינקער פליגעל האָט דעם זאַץ פערשטאַנען פונקט פערקעהרט: פערנינפטיג מיינט בערעכטיגט, בעגרינדעט. דאָס, וואָס עקזיסטירט, האָט געוויסע אורזאַכען, וואָרום עס עקזיסטירט. דאָס איז די ערשטע העלפט פון זאַץ; די צווייטע העלפט: דאָס וואָס איז פערנינפטיג איז ווירקליך — בעווייזט אָבער, אז ווען עטוואָס איז בעגרינדעט, דאָס הייסט, אז ס׳האָט גענוג אורזאַכען עס זאָל עקזיסטירען, מוז עס ווערען א ווירקליכקייט. דאָס מיינט: קעמפפען מוז מען פאַר אַלץ, וואָס ווערט בערעכטיגט אין פערלויף פון דער צייט דורך די אייביג זיך ענדערנדע אומשטענדען. אויף אַזאַ אופן איז העגעל׳ס פילאָזאָפיע א פילאָזאָפיע, וואָס ערקלערט די ווירקליכקייט, און צוגלייך א פילאָזאָפיע פון קאַמפף און בעוועגונג.

באַקונין, וועלכער אלס קענער פון דייטש און פראַנצויזיש האָט אין דעם קרייז פון די מאָסקוועער יונגע לייט פערנומען דעם פלאַץ פון א פערמיטלער, איז געשטרויכעלט געוואָרען אויף דער ערשטער העלפט פון זאַץ. ער האָט אויך אריינגעצויגען אין ערגסטען סאָרט קאָנסערוואַטיזם דעם געניאַלען קריטיקער בעלינסקי; הערצען אָבער האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזט איינריידען, אז אַלץ אין דאַמאָלסדיגען רוסלאַנד איז „פערנינפטיג“. ער האָט מיט פייער געקעמפפט געגען דעם פילאָזאָפישען דריידעל. הערצען און באַקונין האָבען דעמאָלס זיך צושיידט אלס ביטערע שונאים.

באַקונינ׳ס רייזע קיין מערב־איראָפאַ.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ענדע 30ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אָבער ניט נור די געדאַנקען־וועלט פון מערב־איראָפאַ האָט אינטערעסירט די יונגע לייט, נור אויך די מערב־איראָפעאישע אַרט לעבען. עס האָט זיי געצויגען אהין צו זעהן די אַלע וואונדער, פון וועלכע זיי האָבען געהערט בלויז דערצעהלען. אָבער פאָהרען קיין אויסלאַנד פלעגט אָנקומען זעהר שווער, יעדער איינער האָט געדאַרפט בעקומען א ספעציעלע ערלויבניס פון קייזער. א קלייניגקייט — ניקאָלאַי האָט ריזיקירט מיט אן אונטערטהאַן! אַזאַ ערלויבניס האָט בעקו־



מיכאַאיל באַקונין.

מען באַקונין אין יאָהר 1840, און ער לאָזט זיך אַוועק קיין בערלין צו שטודירען פילאָזאָפיע ביי דער סאַמע קוועלע — ער האָט גע'חלומ'ט צו ווערען פּראָפעסאָר.

עס איז גענוג געווען דער איין אָדער צוויי סעמעסטרען, וואָס ער האָט פערבראַכט אין אוניווערסיטעט, אום אויסגעהיילט צו ווערען איינמאָל פאַר אַלע מאָל פון זיין קאָנסערוואַטיזמוס. ער איז צוגעשטאַנען צו די לינקע העגעליאַנער. ער שרייבט אין דייטש א בראָשור געגען דעם דאַמאָלס פּאָפּולערען פילאָזאָף שעלינג. אָבער א בעזונדערס שטאַרקען רושם האָט געמאַכט זיין אַרטיקעל, וואָס ער האָט פערעפענטליכט אין „די דייטשע יאָהרביכער“ — א זשורנאַל, וואָס איז ערשיענען אין לייפּציג אונטער דער רעדאַקציאָן פון מאַרקס' מיטקעמפּפער אַרנאָלד רוגע. דער אַרטיקעל האָט געטראָגען דעם קעפּעל: „די רעאַקציאָן אין דייטשלאַנד“ און איז געווען גע'חתמ'עט מיט א פּסעוודאָנים: זשול עליזאַר. דער אַרטיקעל לאָזט שוין דערקענען דעם פייעריגען רעוואָלוציאָנער, דעם קינפטיגען „נביא פון אַלגעמיינער צושטערונג“. איהר געפינט שוין דאָרט דעם בעריהמטען זאַץ: „די ליידענשאַפט צו צושטערען איז צוגלייך א שאַפענדע ליידענשאַפט“, און ווייטער: „די לופט איז פול מיט שטורם, און מיר רופען צו די פערבלענדטע ברידער מיט די ווערטער פון יוחנן המטביל: טהוט תשובה, די מלוכה פון הימעל איז נאָהענט!“

אין יענער צייט פון שטרענגער צענזור אין דייטשלאַנד האָט דער אַרטיקעל געווירקט ווי א באָמבע. אַלע, אפילו די נאָהענטסטע פריינד פון באַקונין, זיינען געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז ניט אַנדערש א פראַנצויז, א האָדעוואַנעק פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, האָט עס געשריעבען. הערצען האָט פערצייכענט אין זיין טאַגעבוך: „א קינסטלערישער אַרטיקעל! דאָס איז כמעט דער ערשטער פראַנצויז, וואָס האָט פערשטאַנען העגעל'ן.. . דאָס איז אַן אָפענער נצחון־געשריי פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וועלכע איז זיכער, אַז זי איז געקומען איינצונעהמען די וועלט א. ז. וו.“.

נאָך אַזאַ אַרטיקעל איז שוין קיין צוריקקעהר ניט געווען. ער האָט פערברענט, אַזוי צו זאָגען, אַלע בריקען הינטער זיך. ער האָט זיך אריינגעוואָרפען אין די כוואַליעס פון דער איירָאָפּעאישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

דאָס וואַנדערען פון לאַנד צו לאַנד.

עס איז אונמעגליך אין איין אַרטיקעל ארומצונעהמען די אַלע פּאַסירונגען, צו וועלכע באַקונין, אַזוי צי אַזוי, האָט געהאַט א שייכות. די פּאַסירונגען האָבען איהם געשליידערט פון לאַנד צו לאַנד. מיר וועלען דאָ דערצעהלען ווי אַזוי באַקונין האָט ארויסגערופען דעם גרימצאָרן פון ניקאָלאַי דעם ערשטען און דערמיט פאַר זיך אָבגעשניטען דעם וועג א היים קיין רוסלאַנד.

אין הערבסט 1843 איז באַקונין אריינגעפאַלען פון זאַקסען אין דער שווייץ. דאָרט האָט ער זיך תיכף פערבונדען מיט די דייטשע קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיך געזאַמעלט ארום דעם בעוואוסטען קאָמוניסטישען שרייבער, דעם שניידער וויטלינג. דער בעריהמטער געלעהרטער יוריסט בליונטשלי, האָט זיך ניט געשעהמט זיי צו פער'מסר'ן פאַר דער שווייצערישער רעגיערונג, און זיי ווערען אַלע אויסגעוויזען, און באַקונין מיט זיי. דער צעטעל פון די אויסגעוויזענע איז דערגאַנגען צום קייזער ניקאָלאַי. יענער איז געוואָהרע געוואָרען אין וואָס פאַר א געפעהרליכע קאָמפּאַניע זיין אונטערטהאַן האָט זיך געפונען. אַזוי האָט ער דאָס אויסגענוצט דעם קייזער'ס ערלויבנים! און ער ווערט אויפגעפאָדערט אויפ'ן שטעל זיך צוריק צו קעהרען קיין רוסלאַנד. באַקונין האָט, נאַטירליך, ניט געפאָלגט. ניקאָלאַי הייסט דאַן דעם סענאַט פּעראורטיילען איהם אונטער די אויגען. דער אורטייל — פּערלירען אַלע רעכטע און אייביגע סיביר. באַקונין אָבער האָט זיך וועגען דעם ווייניג וואָס געזאָרגט.

באַקונין בעזעצט זיך אין פּאַריז, וואו ער קומט זיך צונויף מיט די גרעסטע בעריהמטהייטען פון יענער צייט — די סאָציאַליסטין און ראָמאַנען־שרייבערין זשארזש זאנד, דער געניאַלער קאָמפּאָזיטאָר שאָפּען. אָבער בעזונדערס וויכטיג איז פאַר איהם געוועזן די געזעלשאַפט פון מאַרקס און פּרודאָן. פאַר פּרודאָנ׳ען האָט באַקונין געטהאָן דאָסזעלבע וואָס פריהער פאַר בעלינסקי׳ן — האָט שטודירט מיט איהם אויף אויסוועניג העגעל׳ס פילאָזאָפיע. פּרודאָן ווידער, פון זיין זייט, האָט פאַר איהם ארויסגעלייגט זיינע געדאַנקען, וועלכע באַקונין האָט שפּעטער אויסגענוצט פאַר זיין טעאָריע פון אַנאַרכיזם. גאַנצע נעכט פלעגען זיי פערברייננגען אין היציגע ויכוחים.

מיט מאַרקס׳ען איז ער אויך דאמאָלס געווען אין גוטע בעציהונגען. מאַרקס איז געווען מיט 4 יאָהר אינגער פון איהם, אָבער ער איז געווען פיעל געבילדעטער, ענטוויקעלטער פון איהם. באַקונין — א היץ־קאָפּ, א ראָמאַנטיקער, וועלכער גלויבט נאָך אַלץ עפּעס אין אן אונבעשטימטען העכערען וועזען; מאַרקס— אן איבערצייגטער אטעאיסט און סאָציאַליסט, א רעאַליסט אין דענקען און פיהלען. באַקונין האָט שפּעטער דערצעהלט וועגען זיינע דאמאָלדיגע בעציהונגען מיט מאַרקס׳ען: „איך האָב געזוכט וואָס עפטער זיך צו בעגעגענען מיט איהם, ווייל איך פלעג אַלע מאָל וואָס פון איהם לערנען; ער האָט פיעל געאַרבייט און ער האָט שוין געהאַט געלעגט דעם גרונדשטיין פון זיין טעאָריע“. אָבער א שאָטען אין שוין דאַמאָלס געווען דורכגעלאָפען צווישען זיי ביידען. ער דערצעהלט ווייטער: „איך האָב איהם געשעצט פאַר זיין ערנסט און ליידענשאַפטליכע איבערגעבענקייט צו די אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט, אָבער קיין אינטימע פריינדשאַפט איז קיינמאָל צווישען אונז ניט געוועזן. אונזערע כאַראַקטערע זיינען געוועזן צו פערשיעדען. ער האָט מיך געהאַלטען פאַר א סענטימענטאַלען אידעאַליסט, און ער איז געווען גערעכט. און איך האָב אין איהם געזעהן א פּאָליטיקער און בעל גאוה, אימער פערשטעלט און בעהאַלטען אין זיך, און איך בין אויך געווען גערעכט“.

מיט וואָס האָט באַקונין זיך פערנומען אין פּאַריז? ער האָט זיך ארומגעדרעהט מיט פערשיעדענע ליידיגגעהער און אגיטירט צווישען זיי פאַר אַלץ אין דער וועלט — פאַר סאָציאַליזם, קאָמוניזם און וואָס ניט. הערצען כאַראַקטעריזירט דעם באַקונין פון יענער צייט: „באַקונין וועט אייך ווערען א פאָלקס־רעדנער, א קירכען־פּרעדיגער, א פיהרער פון א סעקטע אָדער א פּאַרטיי, א באַריקאַדען־קעמפּפער אָדער א רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר. שטעלט איהם אוועק וואו איהר ווילט, אָבער אימער ביים סאַמע עקסטרעם, וועט ער אייך ווערען וואָס איהר ווילט“. מאַרקס אַרבייט, זוכט און פאָרשט; באַקונין — היצט זיך, קאָכט זיך און רעדט...

מיכאַאיל באַקונין.

צוליעב א רעדע האָט ער געמוזט פערלאָזען פּאַריז. צום 17־יעהריגען יובילעאום פון פּיילישען אויפשטאַנד פון 1830 האָט ער אויף א פערזאַמלונג פון פּוילישע עמיגראַנטען געהאַלטען א פייערדיגע דרשה מכוח דעם, אז „די פּאָליאַקען און רוסען וועלען מאַכען א געמיינזאַמע רעוואָלוציע צו שטירצען דעם דעספּאָטיזם פון צאַר און בעפרייענדיג זיך וועלען זיי בעפרייען אַלע סלאַווישע פעלקער פון אויסלענדישען יאָך“, און ער האָט זיך אריינגעלאָזען אין גוזמאות וועגען די מעלות פון דער סלאַווישער ראַסע און די חסרונות פון דער דייטשער ראַסע. מיט איין וואָרט, דאָ איז שוין געווען אָנגעצייכענט זיין גאַנצע שפּעטערדיגע פּאַטריאָטיש־אוטאָפּיסטישע פילאָזאָפיע, פאַר וועלכער ער איז אם שאַרפסטען קריטיקירט געוואָרען.

די רעדע האָט שטאַרק ניט נושא חן געווען ביים רוסישען געזאַנדטען אין פּאַריז, און דער בעריהמטער געלעהרטער גיזא — דער דאַמאָלסדיגער פראַנצויזישער פרעמיער, האָט איהם געטהאָן די געפעליגקייט און באַקונינ׳ען ארויס־

געשיקט פון פראנקרייך. באקונין קלייבט זיך איבער אין בעלגיען, וואו ער טרעפט זיך ווידער א מאל מיט דעם פריהער נאך אויסגעוויזענעם מארקסען. און דא זיינען זיי נאך פרעמדער געווארען איינער צו דעם אנדערען. מארקס גרינדעט דעם קאמוניסטען־בונד — ער לערנט מיט ארבייטער, האלט פאר זיי לעקציעס, שרייבט פאפולערע ארטיקלען א. ז. וו. פאר באקונינען איז דאס אלץ א געלעכטער. „מארקס האט שוין ווידער זיך פערנומען מיט נארישקייטען — שרייבט באקונין — ער פערמאראטשעט די ארבייטער די קעפ און מאכט זיי פאר פוסטע בעל דרשנ'ס. דאס איז ביי איהם א מין טעארעטישע משוגעת, א זעלבסטצופריעדענהייט, וואס שטעלט זיך קיינמאל ניט צופריעדען“—אזוי האט באקונין געקוקט אויף דער ארבייט, וואס האט מארקס'ען בעגייסטערט צו שרייבען דעם „קאמוניסטישען מאניפעסט“.

דער שטורם־יאהר.

די פעברואר־רעוואלוציע האט באקונינען צוריקגעבראכט קיין פאריז. „דאס זיינען געווען די גליקליכסטע טעג פון זיין לעבען — שרייבט הערצען — ער האט זיך ממש געבאדען אין רעוואלוציע. טאג און נאכט אין די קאזארמעס פון די מאנטאניארען (די עקסטע רעוואלוציאנערען) און ער האלט איין פראפאגאנדירען קאמוניזם, גלייכהייט פון די פערדיענסטען, גלייכהייט און נור גלייכהייט פון אלץ און אלעמען, די בעפרייאונג פון אלע סלאווען, די צושטערונג פון עסטרייך, אונאויפהערליכע רעוואלוציע, מלחמה ביז צום סוף, ביז דער לעצטער שונא פאלט“... דער פרעפעקט פון דער רעוואלוציע — קאסידיע, — וועמעס אויפגאבע איז געווען צו שאפען ארדנונג אין כאאס — האט ניט געוואוסט, ווי זאל ער דא פטור ווערען פון באקונינ'ען. „אן אמת'ער אצר—האט ער גע'טענה'ט—פאר דעם ערשטען טאג פון דער רעוואלוציע, אבער אויף מארגען דארף מען איהם דערשיסען“. און איז געפאלען אויף א פלאן איהם צו שיקען אין א שליחות צו די סלאווען, זאל ער זיי דארט בונטעווען... שפעטער, ווען קאסידיע איז געקומען צו לויפען קיין לאנדאן צו רעטען זיך פון דער זיעגרייכער רעאקציע, האט הערצען איהם געפרעגט אין שפאס: אפשר געהערט ער, קאסידיע, אויך צו די יעניגע, וועמען מען דארף דערשיסען אויפ'ן 2טען טאג פון דער רעוואלוציע, האט ער זיך דערמאהנט און זיך א זעץ טהאנדיג אין ברוסט, האט ער אויסגעשריען: „אך, באקונין, באקונין, דא טראג איך איהם!“

באקונין האט פערשטאנען זיין שליחות גאנץ ערנסט און ער האט זיך אוועקגעלאזען בונטעווען די סלאווען געגען עסטרייך, פרייסען, טערקיי, רוסלאנד.

דא מוזען מיר איבערהיפען א סך, א סך אינטערעסאנטע פאסירונגען, וועגען וועלכע עס וואלט פערנומען צו פיעל צו דערצעהלען.

מיר געפינען באקונינען אין פראג, בעהמען, אויפ'ן קאנגרעס פון די סלאווישע פעלקער. מען האט געזאלט זיך אייניגען וועגען אן אלגעמיינעם פלאן. פלוצלונג האט אויסגעבראכען א פאלקס־אויפשטאנד, אן אמת'ער פאלקס־אויפשטאנד מיט שיסעריי און בלוטפערגיסונג. באקונין, פערשטעהט זיך, האט ניט געפעהלט. ווען דער אויפשטאנד איז דערשטיקט געווארען און די רעגיערונג האט זיך דערוואוסט, אז דער גאנצער אנפיהרער איז געווען באקונין, האט ער געמוזט נעלם ווערען. ער כאפט זיך אריבער אין דייטשלאנד, וואנדערט פון שטאדט צו שטאדט, שטעלט זיך אב אין לייפציג, שרייבט דעם „אויפרוף צו די סלאווען“ , וואו ער פאדערט זיי אויף צו „צורשטערען עסטרייך“ און צו בילדען זעלבסטשטענדיגע מלוכות. דער פלאן איז געווען א פאנטאסטישער, און מארקס האט איהם ווי געהעריג אויסגעלאכט. דא איז אונטערגעקומען דער אויפשטאנד אין דרעזדען. באקונינ'ס ראלע אין אויפשטאנד איז דא געווען נאך בעדייטענדער. לויט די מיטטיילונגען פון צייטגענאסען איז ער געשטאנען בראש פון דער גאנצער פערטיידיגונג געגען דעם רעגיערונג'ס חיל. מען גיט איבער, אז ער האט געהייסען אוועקשטעלען ראפאעל'ס מאדאנא אויפ'ן שטאדט־מויער, „די פרייסען“ — זאל ער האבען געזאגט — „וועלכע זיינען קלאסיש געשולט, וועלען ניט וואגען צו שיסען אין ראפאעל'ס ווערק“. ניט קוקענדיג אויף דער העלדישקייט פון די רעוואלוציאנערען, האט דער רעגיערונג'ס חיל אבגעהאלטען א נצחון. באקונין האט ווידער געמוזט לויפען, דאס מאל האט איהם ניט אבגעגאלטען. ער איז געכאפט געווארען, אריינגעזעצט געווארען אין פעסטונג קעניגסשטיין, וואו נאך זעקס חדשים זיצען איז ער פעראורטיילט געווארען צו טויט. דעם טויט האט מען איהם פערביטען מיט לעבענסלענגליכע געפענגנים.

דא האט באקונינען געטראפען א ריין־פערזענליכער אומגליק — אין מארקס'עס זשורנאל איז פערעפענטליכט געווארען א ידיעה, אז באקונין איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי א געהיימער רוסישער אגענט. אמת, מארקס האט עס באלד אבגעלייקענט, דאך האט עס אויף אייביג איבערגעפיהרט זייערע בעציהונגען. די אנארכיסטען בעשולדיגען נאך עד היום מארקס'ען, אז ער האט מיט א כיוון געלאזט אבדרוקען א פערליימדונג געגען זיין געגנער. ווי מארקס האט ערקלערט, איז די ידיעה אנגעקומען פון פאריז אין זיין אבוועזענהייט און איז אבגעדרוקט געווארען אהן זיין

וויסען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דעם קלאַנג האָט אַרויסגעלאָזט דער רוסישער געזאַנדטער גראַף קיסעלעוו.

איבער געפענגניסע און סיביר.

די עסטרייכישע רעגיערונג האָט זיך מתקנא געווען אָן זאַקסען און האָט באַקונינען אַרויסגעפאָדערט אין פּראַג, כדי ווידער אַ מאָל צו פּעראורטיילען איהם צום טויט. און פּונקט אַזוי ווי אין זאַקסען, ווערט עס איהם פּערביטען מיט לעבענסלענגליכע געפענגנים. און באַקונין זיצט שוין אַ צוגעשמיעדטער צו דער וואַנד. אָבער ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אויך ניט געקאָנט רוהען און האָט אַרויסגעפאָדערט באַקונינען. ער, „דער תליון פון רוסלאַנד און זשאַנדאַרם פון אייראָפּאַ“, האָט געהאָלפען עסטרייך צו אונטערדריקען אונגאַרן, און זיין וואָרט איז געווען אַ בעפעהל. אַ געשמידטער ווערט באַקונין געבראַכט קיין רוסלאַנד און איינגעשפּאַרט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקאַ פעסטונג. ניקאָלאַי, וועלכער האָט געטראָגען אויף באַקונינען אַן אַלטען כעס, האָט איצט געהאַט זיין נקמה.

דאָ דערוויסט ער זיך, אַז באַקונין האָט אַגיטירט צווישען די סלאַווען און ער ווערט פּעראינטערעסירט. ער פאָדערט איהם אויף אויסצולייגען זיין שטאַנדפּונקט שריפטליך. באַקונין טהוט עס. „אַ קלוגער, אָבער אַ געפעהרליכער חברה־מאַן, מען דאַרף איהם האַלטען פּערשפּאַרט“ — איז געווען זיין אורטייל.

דעם „חברה־מאַן“ האָט מען 4 יאָהר אָבגעהאַלטען אין פּעטראָפּאַוולאָווסקאַ פעסטונג און דאַן אַריבערגעפיהרט אין נאָך אַן ערגערן גיהנום — אין שליסעלבורגער פעסטונג. באַקונין האָט שוין געהאַט פּערלאָרען אַלע האָפנונגען אַנצוקוקען זוען עס איז די ליכטיגע וועלט. ער האָט שוין געטראַכט זאָגאַר וועגען זעלבסטמאָרד.

אין פריהלינג, 1855, האָט ניקאָלאַי, נאָך דער אומגליקליכער קרימער מלחמה, אַנגעטהאָן, אויס ערגערניש, זיך אַליין אַ מיתה. זיין יורש, אַלעקסאַנדער דער 2טער, האָט, בעשטייגענדיג דעם טראָהן, פּערשפּראָכען אַלערליי רעפאָרמען, אַמניסטירען די פּאָליטישע א. ז. וו. באַקונינ'ס מוטער איז געקומען צו איהם בעטען פאַר איהר זוהן. „אָט דער דאָ — האָט דער ווייכהערציגער קייזער אויסגעשריען — איך האָב געלעזען זיין דאָקומענט, און ער צייגט דאָך קיין ברעקעל חרטה ניט; ווי לאַנג איך וועל לעבען, וועט ער אויף דער פריי ניט זיין“. ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ שלעכטען נביא.

אין 1859 ווערט באַקונין אַרויסגעשיקט קיין סיביר. געראַד דאַרף זיך מאַכען, אַז פאַר גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מזרח־סיביר ווערט בעשטימט באַקונינ'ס אַ קרוב, מוראַוויאָף — גראַף אַמורסקי — דער וואָס האָט איינגענומען סיביר. זיי האָבען זיך בעפריינדעט. באַקונין נעהמט איהם תיכף אידעאַליזירען: „אַ רעוואָלוציאָנער, אַ רעפּובליקאַנער“ — שרייבט ער צו הערצענ'ען — אין דער אמת'ען איז דאָס געווען אַ געוועהנליכער טיראַן, וועלכער האָט געוועלטיגט אין סיביר מיט אַן אייזערנער האַנד. אָבער באַקונינען איז געווען גוט, ער האָט געהאַט אַלערליי פּריווילעגיען. ער בענוצט זיך דערמיט, זעצט זיך אויף אַן אַמורער דאַמפּפער, פאָהרט אַרויס אין ים, כאַפּט זיך אַריבער אויף אַן אַמעריקאַנער שיף און קומט אָן קיין אַמעריקאַ.

אין אייראָפּעאישען גערודער.

הערצען בעקומט פּלוצלונג אַ בריעף פון סאַן־פראַנציסקאָ: „קינדערלאַך, איך בין אַנטלאָפען פון סיביר, און נאָך וואַנדערונגען און וואַנדערונגען, איבער יאַפּאַן, בין איך דאָ. איך וועל אייך העלפען אין דער פּויליש־סלאַווישער פראַגע, וועלכע איז מיין משוגעת פון 1846 און מיין ספּעציאַליטעט פון 1848־1849. און מיין לעצטער וואָרט וועט זיין די צושטערונג פון עסטרייך“.

הערצען האָט דאַן אַרויסגעגעבען אין לאָנדאָן דעם „קאָלאָקאָל“, וואָס האָט זיך שוין דאַן ערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען, אין פּעטערבורג האָט מען זיך אויך מיט איהם גערעכענט. האָט געדאַרפט קומען באַקונין און מיט זיין „העלפען“ מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער אונטערנעהמונג.

געקומען איז ער פון סיביר אַ מונטערער, פול לעבען און ענערגיע. ער איז שוין אַרום 50 יאָהר אַלט און ער וויל אַריינכאַפּען וואָס מעהר — ער איז גרייט אויף יעדען קרבן. וואָס טהוט באַקונין? הערצען שרייבט: „ער דיסקוטירט, פּראָפּאַגאַנדירט, אָרגאַניזירט, שרייט, בעשליעסט, בעפעהלט—טאָג און נאַכט, אַ גאַנצען מעת לעת. רייסט זיך אָב אויף אַ מינוט, מאַכט ריין פון טאַבאַק אויף זיין שרייבטיש אַ שטיקעלע פּלאַץ און זעצט זיך שרייבען בריעף קיין צאַרגראַד, בעלגראַד, סעמיפּאַלאַטינסק און מאָלדאַוויען. ביי דער זייט זיצט אַן „אונענטוויקעלטער“ סלאַוו און באַקונין עפענט איהם דעם מוח. זיין טהאָן, זיין פּוילענצען, זיין אַפּעטיט — אַלץ אין איהם, ווי זיין וואוקס — איז אונגעוועהנליך, כמעט אונמענשליך — אַ ריעז מיט אַ לייבען־קאָפּ, מיט אַ צופּודעלטע גריווע“.

דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף הערצענ'ען, וועלכער האָט אַ סך גרויסע מענשען איבערגעזעהן אין זיין לעבען און באַקונינ'ען געקענט פון קינדערווייז אויף. די יוגענד פלעגט ער איינפאַך פּער'כישופ'ען.

אין לאָנדאָן גיט ער זיך אָב מיט פאַרבערייטען אַן אויפשטאַנד אין פּוילען. מען דאַרף שיקען אַ שיף מיט געוועהר. דערצו דאַרף מען

האָבען די ערלויבּנים פון שוועדישען קעניג. באַקונין פאָהרט קיין סטאָקהאָלם און פועלט עס ביי איהם. אָבער איינער א פּאָליאַק האָט זיי פערראַטען און דאָס שיף איז ניט אָנגעקומען אויפ׳ן פּלאַץ.

באַקונין מאַכט זיך שוין ווידער גרייט אין וועג — ער פאָהרט שוין קיין איטאַליען, וואָס האָט אקאָרשט אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם עסטרייכישען יאָך. פאַר זיין אָבפאָהרען איז צו איהם אריינגעקומען מאַרקס. זיי האָבען זיך דורכגערעדט, אויפגעקלערט די מיספערשטענדניס, און זיי האָבען אָבגעמאַכט צו אַרבייטען געמיינזאַם פאַר דעם ניי־געגרינדעטען „אינטערנאַציאָנאַל“.

באַקונינ׳ס טהעטיגקייט אין איטאַליען.

מיר האָבען אויבען געזעהן, ווי באַקונין האָט — אין די 40ער יאָהרען — זיך פערהאַלטען צו מאַרקס׳עס טהעטיגקייט צווישען די אַרבייטער. ער אליין איז כסדר בעשעפטיגט געוועזן מיט דעם קליינבירגערליכען אינטעליגענט, אָדער בעסער, מיט דעם אינטעליגענטען פוסט־און־פּאַסניק — דעם באָהעם. איצט, נאָך דער בעגעגניש מיט מאַרקס׳ען, האָט ער כלומרשט צוגעגעבען, אז די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדא דאַרף געפיהרט ווערען צווישען די אַרבייטער. אין דער אמת׳ן אָבער איז ער געבליבען דער אַלטער באַקונין. ער האָט מעהרנישט געשאָנקען איצט מעהר אויפמערקזאַמקייט דעם קליינעם בעל מלאכה — אַלץ דעם קליינבירגער. און זיינע מעטהאָדען זיינען אַלץ געבליבען דיזעלבע — געהיימע געזעלשאַפטען, קאָנספּיראַציעס, כעמישע טינט — אפילו ווען מען דאַרף עס גאָר ניט.

אָבער איטאַליען האָט דורכגעמאַכט עטליכע פערשווערער־בעוועגונגען פון די קאַרבאַנאַריער און מאַדזיני, די עראינערונגען זיינען נאָך געוועזן פריש. ער האָט נאָך צוגעצויגען א טייל פון דער יוגענד־אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט א שייכות צו דעם גאַריבאַלדי־אויפשטאַנד און ער האָט בעשאַפען דאָרט א „געהיימע אינטערנאַציאָנאַלע ברודערשאַפט“. דאָס פּראָגראַם איז געוועזן — די אָבשאַפונג פון שטאַאט און פון אַלע שטאַאטליכע איינריכטונגען — יורידישע, פּאָליטישע — און רעאָרגאַניזירען די געזעלשאַפט אויפ׳ן גרונד פון פרייער איניציאַטיווע פון פרייע פערזענליכקייטען א. ז. וו. איהר זעהט — דאָס פולע אַנאַרכיסטישע פּראָגראַם.

פּראָפעסאָר דע־גובערנאַטיס, וועלכער איז א שטיק צייט געוועזן באַקונינ׳ס אָנהענגער, דערצעהלט, אז די הויפּט־אַרבייט איז בעשטאַנען אין אויסלערנען אויף אויסוועניג אַלע טאָג א נייעם שריפט און אין זאַמלען געלד פאַר די „אָרימע פּאָליאַקען“ — אייגענטליך פאַר באַקונינ׳ען מיט זיין הונגערנדער חברה. איהר זעהט, א פּוסטע אַרבייט. פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ האָט ער בלויז גענומען דעם נאָמען, און אין עצם האָט ער געהאַנדעלט לויט זיינע אַלטע באַקונינשע מעטאָדען. דאָך עטוואָס נייעס האָט ער פאָרט אריינגעבראַכט.

אין דער שווייץ און אין אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט זיך געגרינדעט א בורזשואַזע געזעלשאַפט — די ליגע פון פריעדען און פרייהייט — וועלכע האָט אָבגעהאַלטען יעהרליכע קאָנגרעסען, וואָס האָבען קיין שום ווערטה ניט געהאַט. אין 1867 קומט באַקונין צום קאָנגרעס, האַלט אן ענטוזיאַסטישע רעדע און שלאָגט פאָר, ניט מעהר און ניט ווייניגער, אז די בורזשואַזיע זאָל העלפען די בעפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט, דער איינפיהרונג פון קאָלעקטיווען אייגענטום און גלייכהייט פון קלאַסען, דער פערניכטונג פון ירושה א. ז. וו. — צונויפגעשלעפּטע שטיקלאַך און ברעקלאַך פון מאַרקסיסטישען פּראָגראַם. פערשטעהט זיך, אַז די אַרבייט איז געוועזן ארויסגעוואָרפען.

באַקונינ׳ס טהעטיגקייט אין אינטערנאַציאָנאַל.

באַקונין איז געוועזן און געבליבען א פערשווערער פון אַלטען שניט. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט בעגרייפען פּשוט׳ע, וואָכעדיגע אַרבייט אין די אָפענע, ברייטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען פון אַרבייטער־קלאַס. „וואָס טויג מיר קלאַסען־בעוואוסטזיין?“ איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז עס איז גענוג א הונדערט איבערגעבענע, אויפריכטיגע, עהרליכע מענער זאָלען צושטעהן צום „אינטערנאַציאָנאַל“ און דאָס הייפעלע וועט איבערקעהרען די וועלט.

עס איז געוועזן א חשד, אז באַקונין איז ניט אָהן א הינטערגעדאַנק אַריינגעטראָטען אין „אינטערנאַציאָנאַל“. מאַרקס האָט איהם גענומען בעטראַכטען אַלס שונא.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ איבערצוגעבען די געשיכטע פון פּערזענליכען קאַמפּף צווישען מאַרקס׳ען און באַקונינ׳ען. פיעלעס איז נאָך עד היום ניט אויפגעקלערט געוואָרען. מאַרקס׳עס צד האָט גע׳טענה׳ט, אז באַקונין האָט געשאַפען א געהיימען „אינטערנאַציאָנאַל“ אין „אינטערנאַציאָנאַל“ מיט דעם צוועק איהם צו פערכאַפּען. באַקונינ׳ס צד האָט בעשולדיגט מאַרקס׳ען, אז ער האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר א קאָנקורענט.

פערזענליך בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ביידע זיינען שולדיג און ניט שולדיג. יעדער פון זיי האָט געהאַנדעלט לויט זיין פערשטאַנד, כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט. קיינער פון זיי האָט זיך מיט א כיוון ניט אָנגעזעצט אויף דעם אַנדערען איהם צו פערפאָלגען. עס איז נור צו בעדויערן, אז דער פערזענליכער קאַמפּף פון די צוויי גרויסע מע־

נער האָט אָנגעטהאָן אַזוי פיעל שאַדען דער אַרבייטער־בעוועגונג, און פון דעם שאַדען איז די אַרבייטער־בעוועגונג נאָך עד היום ניט געקומען צו זיך.

ווי בעוואוסט, האָט מאַרקס געפּועלט אויפ'ן האַאַגער קאָנגרעס, אין 1872, מען זאָל באַקונינ'ען אויסשליעסען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ פאַר „אונעהרליכען אויפפיהרען זיך“. דאָס האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון אַ צווייטען אַנאַרכיסטישען „אינטערנאַציאָנאַל“.

באַקונינ'ס טהעטיגקייט אין פראַנקרייך און שפּאַניען.

באַקונינ'ס הויפּט־עובדה, ווי מיר האָבען געזעהן, איז געווען — ריידען, און נאָך אַמאָל ריידען. דאָך איז ער געווען דער פאָטער פון דער טעאָריע פון „פּראַפּאַגאַנדאַ דורך טהאַט“. דאָס האָט זיך שוין געווענדט אָן זיין כאַראַקטער. וואו נור עס האָט געשמעקט מיט בעוועגונג, אויפשטאַנד, רעוואָלוציע, איז שוין באַקונין געווען אויפ'ן פּלאַץ, ער איז שוין צווישען די קעמפּפער. די פעהיגקייט זיינע האָט ער ניט פערלאָרען ביז אין טיעפען עלטער. ער איז אַלט געווען 57 יאָהר, ווען די פראַנצויזען האָבען, בעת דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה, אַרונטערגעזעצט נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. באַקונין פליהט קיין ליאָן, פערכאַפּט מיט די אָרטיגע רעוואָלוציאָנערען דעם ראַט־הויז, זעצט אַרונטער די פריהעריגע רעגיערונג, לאָזט אַרויס פּראָקלאַמאַציעס צו דער בעפעלקערונג, וואו זי ווערט אויפגעפאָדערט צו פערברענען די רעגיערונגס־געביידען, פערניכטען דאָקומענטען, וועקסלען אַ. ז. וו. אָבער די נייע רעגיערונג איז נאָך ניט פאַרטיג געוואָרען מיט איהר ערשטען פריהשטיק — חברה האָט זיך שטאַרק אויסגעהונגערט — ווי זי איז גענומען געוואָרען אין פּלען פון אַ הייפעלע מיליטער. באַקונין האָט זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט, חברים האָבען איהם אָבגעשלאָגען, און ער איז אַוועק קיין מאַרסעל — אַ שטאָדט מיט רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס — די מאַרסעליעזע שטאַמט פון מאַרסעל. אָבער דאָרט האָט ער נאָך וועניגער אויפגעטהאָן; די בעפעלקערונג האָט ניט געוואָלט פאָלגען דעם „נביא פון אַלגעמיינער צושטערונג“. אַן ענטטוישטער אין די פראַנצויזען, לאָזט זיך באַקונין אַוועק אין דער איטאַליענישער שווייץ, אין שטאָדט לאָקאַרנאָ. אין אַ פּאָאַר טעג אַרום קומט די ידיעה, אַז מאַרסעל און פּאַריז האָבען ערקלערט „קאָמונע“. צוקומען אַהין איז שוין געווען אונמעגליך, די פּרייסען און די ווערסאַלישע אַרמיי האָבען זיי בעלאַגערט. באַקונין ווערט אויסער זיך, ער אַגיטירט צווישען זיינע אָנהענגער פאַר אַ פרייוויליגע אַרמיי. אָבער דער גאַנצער טאַראַראַם האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעלאָזט. די קאָמונעס האָבען זיך לאַנג ניט געהאַלטען. צווישען די טהוער, פיהרער און קרבנות פון דער פּאַריזער קאָמונע זיינען געווען פיעלע פון באַקונינ'ס און פּרודאָנ'ס חדר.

מעהר ערפאָלג האָט באַקונין געהאַט אין שפּאַניען. אין יאַנואַר 1873 איז דער צייטווייליגער קעניג אַמעדיי פערטריבען געוואָרען פון שפּאַניען און מען האָט געגרינדעט אַ רעפּובליק. באַקונין און זיינע אָנהענגער האָבען צו דעם קיין שייכות ניט געהאַט. אָבער ווי נור די רעפּובליק האָט זיך איינגעשטעלט, האָבען באַקונינ'ס אָנהענגער גענומען אַגיטירען צווישען די אַרבייטער פאַר סטרייקס. די סטרייקס זיינען אין פיעלע פעלע איבערגעגאַנגען אין אויפשטענדע, קאָמונעס זיינען ערקלערט געוואָרען. מען האָט די אַרבייטער איינגעשמועסט, אַז עס איז שוין געקומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און מען דאַרף איינפיהרען די אַנאַרכיסטישע אָרדנונג. ווי ענגעלס האָט עס דערוויזען אין זיין בראָשור „די באַקוניסטען ביי דער אַרבייט“, האָבען די באַקוניסטען בעגאַנגען פיעלע פעהלער און האָבען ניט נור ניט איינגעפיהרט די קאָמוניסטישע אָרדנונג, נור האָבען נאָך אומגעבראַכט די רעפּובליק. דאָס קעניגטום האָט זיך ווידער בעפעסטיגט. די רעאַקציע האָט געפייערט איהר זיעג. טויזענדער פערבלענדטע אַרבייטער, וואָס האָבען ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס אַרום זיי טהוט זיך, האָבען געענדיגט זייער לעבען אויף די עשאַפאָטען און אין די געפענגניסע.

ווען מיר זאָלען נאָך דערמאָהנען דעם אויפשטאַנד אין באַלאָניא, וועלען מיר האָבען אויסגערעכענט די אַלע פּראַקטישע אויפטהוען פון באַקונין דעם אַנאַרכיסט. די אַלע מפּלות האָבען שטאַרק געווירקט אויף דעם אָנזאָגער פון אַ באַלדיגע ישועה, אויף דעם נביא פון אַנאַרכיע. אין די לעצטע יאָהרען האָט ער שוין איינגעזעהן, אַז זיין גאַנצע לעבענס־אַרבייט איז געווען אַרויסגעוואָרפען — אַן אומזיסטע פערשווענדונג פון כוחות.

* * *

באַקונינ'ס גלויבען אין רוסלאַנד איז אפשר געווען נאָך שטאַרקער ווי זיין גלויבען אין די ראָמאַנישע לענדער. אַלע זיינע האָפנונגען האָט ער געלייגט אויף רוסלאַנד. און זיין איינפלוס איז דאָרט געווען אונגעהייער שטאַרקער. ער האָט נאָך עד היום ניט אויפגעהערט. און אין רוסלאַנד האָט דער באַקוניזם זיינע גרעסטע פערדיענסטען. אָבער די טעמא פאָדערט שוין אַ בעזונדערע בעהאַנדלונג.

פיהלענדיג דאָס אָנקומען פון אַ שווערער קראַנקהייט, איילט באַקונין קיין בערן, צו זיין פריינד, פּראָפעסאָר פאָכט. ביי איהם אין הויז איז ער געשטאָרבען.

דוד איינהאָרן

דער סוד פון איהרע האָר

(ערצעהלונג)

.4

גלייך ווי ער איז אָבגעפאָהרען, האָט זי זיך צוריק איבערגעקליבען אין שטאָדט. די פעהיגקייט צו זיצען פאר זיך און צו חלום'ען האָט זי פארלאָרען. נישט קיין צופעליגקייט איז ער געווען פאר איהר אָט דער בלאסער שווייגענדיגער בחור. אַ טיעפען צובונד האָט זי צו איהם געפיהלט: אָט דעם צובונד, וואָס עס קענען פיהלען נאָר די, וואָס זיינען פעהיג איינמאָל צו ליעבען און מעהר נישט. אויף אַלץ איז געלעגען זיין הויך און דער אומעט פון זיין נישט זיין.

פון דרום פלעגט זי די ערשטע צייט בעקומען בריעוולעך: אייניגע טרוקענע, אייניגע הארציגע, נור פון קיין איינעם האָט זיך נישט געפיהלט די בענקשאַפט, די נויטיגע בענקשאַפט נאָך איהר.

שפעטער האָבען די בריעף ווי אין גאַנצען אויפגעהערט צו קומען און זי האָט איהם כמעט ווי פערלאָרען.

פאר איהר איז דאָס דאן געווען פיעל גרינגער. ווייט, ווייט אין דרום לעבט אַ מענש, וועלכער איז געווען די איינציגע ווירקליכע פיגור אין איהר פער'חלום'טען לעבען, ארום וועלכען עס האָבען זיך ארומגעקליבען, ווי ארום אַ הארט קערענדעל, אַלע איהרע חלומות. און זי, זיצט דאָ אין דער גרויסער ליטווישער שטאָדט, גיט אוראקען און נעהמט אוראקען, און אין די ליידיגע שעה'ען זיצט זי מיט צוגעמאַכטע אויגען און לעבט מיט איהם. און ווער ווייס, אפשר וואָלט זיך דאָס אַזוי געצויגען, ביז איהר הארץ וואָלט אויסגעגאַנגען, אָדער עס וואָלט איהר פארבליבען אַ פונקט אין לעבען, צו וועלכען זי וואָלט זיך אָפט געווענדעט און געשעפּט איינהאַלט.

נאָר דאָס וואָלט אַלץ געווען, ווען עס וואָלט דאָס ווייטערדיגע נישט געשעהן, און געשעהן איז דאָס פאָלגענדע אַזוי פלוצלינג, אַזוי קאַטאַסטראָפיש, אַז אין איין מינוט האָט זיך דער געפיהל פון איהר ליעבע צו איהם אויפגעהויבען ביז דער לעצטער שטופע און נאָכדעם אין מיטען געפלאַצט, געפלאַצט צוזאמען מיט אַלע פעדים, וואָס האָבען איהר אויפגעבונדען מיט'ן ווירקליכען לעבען ארום.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס אין אַ פריה־מאָרגען פון נאָך פסח.

אַ האַלבען ווינטער לאַנג איז זי געזעסען אין איהר צימערעל, געהאָפט און געטראַכט: זיין נשמה איז איהר פארבאָרגען. אַז ער האָט נאָך קיינעם ביז איצט נישט האָלט געהאַט, דאָס איז זי זיכער: אַז זי איז די איינציגסטע און די ערשטע, וואָס איז צו איהם אַזוי נאָהנט און הארציג צוגעגאַנגען, דאָס איז איהר קלאָהר. ער וועט נאָך קומען . . . און דאַן, ווער ווייס? ער וועט געזינטער זיין, צוריק אונטער'ן שטאָדט . . . ביי דער אַלטער פריצ'טע . . . עס געשיעהט דאָך אַזוי אָפט אַזעלכע זאַכען . . .

און וואָס נעהנטער דער פריהלינג איז געקומען, אַלץ שטאַרקער האָט זיך איהר געהאָפט: ער וועט קומען, ער וועט קומען.

און איינמאָל אין אַ פריה־מאָרגען, ווען די זון האָט פריינדליך אריינגעקוקט אין איהר צימערעל און צוזאַמען מיט'ן פריה־מאָרגען צוויטשערען פון די פויגעלעך האָט זיך אין איהר אויפגעוועקט די מעלאָדיע פון: „ער וועט קומען“, האָט עמיצער איהר אָנגעקלאַפּט אין טהיר און די בעל־הבית'טע האָט איהר אַ בריעף דערלאַנגט:

„אין אַ וואָך ארום פאָהרט ער ארויס צוריק אַהיים. דאָקטוירים זאָגען: בעסער. איהם אַליין דוכט זיך אויך אַזוי, וויל ער זיך מיט בעקאַנטע זעהן. אגב מוז זיין אין דער היים אַזוי שעהן, ווי דאָ, און ביי דער פריצ'טע אין צימער מוז געוויס זיין אַ סך זון. און אויב נאָר זי וועט וועלען קומען פון צייט צו צייט זיצען ביי דער אַלטער פיאַנאָ און אויסצימבלען כל נדרה! . . . . . .

איהם בענקט זיך מאָדנע אַהיים און איבערהויפּט נאָך אַ אייגענעם מענשען. דאָ זיינען דוכט זיך אַלע קראַנקע און דאָס מאַכט מאָדנע שווער.

פריהער רעכענט ער אונטערפאָהרען אין דער שטאָדט ב. און פון דאָרטען וועט ער איהר שרייבען“.

דאָס איבעריגע איז געווען נישט וויכטיג: עס איז גענוג געווען, אַז ער קומט און ביי דער פריצ'טע אין צימער.

פון יענעם טאָג אָן האָט זי ווי אָבגעלעבט. דער נעבעל וואָס איבער'ן טייכעל האָט זיך צו־

שפּרייט און זי האָט דערזעהן : גרינע תבואה
פעלדער בעשפּריצט מיט בלאָהע קאָרן בלימלעך,
דעם גלח'ס גארטען אין אַ לבנה נאַכט, דעם
חמיזשניק ביים באַרג, וואָס נעבען זייער שטעד־
טעל, און די שמאָלע שטעגעלעך, וואָס פיהרען
פון איהר שטעדטעל צום וואלד. און אומעדום
איז ער, ער און ער.

טאָג איין טאָג אוים האָט זי געווארט אויפ'ן
בריעף, געהיט דעם בריעף־טרעגער, עטליכע מאָל
אין טאָג דער בעל הבית'טע געפרעגט. ביז איינ־
מאָל האָט זי אַ קליין צוקנייטשען קאָנווערט
בעקומען מיט'ן פּאָסט־שטעמפּעל ב. און אין
קאָנווערט איז געלעגען אַ קליין שטיקעל פּאַ־
פּיער מיט אַ קורצען נערוועזען אויפשריפט :
„ווידער קראַנק. אויב איהר ווילט זיך
זעהן, קומט. איך וועל זיין זעהר צופריעדען.“

אין עטליכע שעה אַרום איז זי שוין געזע־
סען אין וואַגאָן און מיט צוגעמאַכטע אויגען
זיך צוגעהערט צום קלאַפּ פון די רעדער און יע־
דעם מאָל, ווען זיי פלעגען ווערען לאַנגזאַמער,
האָט זי זיך פון אונגעדולד אויפגעהויבען.

גיכער, גיכער, גיכער . . . .
ענדליך איז זי געקומען.

לאַנג האָט זי אין דער פרעמדער שטאָדט
געזוכט, ביז זי האָט געפונען. און אַז זי איז צו־
געקומען צום טהיר פון דער גרויסער הילצערנער
הויז, וואָס מען האָט איהר אָנגעוויזען, האָט
זי צו איהר וואונדער נישט קיין פרייד, נאָר אַ
מין טיעפען שניידענדיגען שמערץ דערפיהלט.
פאַר'ן טהיר זיינען געלעגען עטליכע צוזעגענע
שטיקלעך ברעטלעך, צושאָטענע שטרוי אין דער
ברוק פאַר'ן הויז איז געוועזן נאַס . . .

און פּלוצלינג האָט איהר ווי אַ בליץ גע־
טהאָן : — גאָטעניו, פּונקט ווי פאַר אַ הויז
פון אבלים . . . איז דאָ נישט עמיצער גע־
שטאָרבען ? . . . און מיט דעם געדאַנק איז זי
צוגעקומען און אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

איהר אַנטקעגען איז אַרוים אַ יונג ווייבעל
מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ און מיט רויטע פער־
וויינטע אויגען.

— דאָ וואוינט דער העדר מ. ?

לאַנגע שווערע עטליכע מינוט איז דאָס
ווייבעל געשטאַנען און אויף איהר געזיכט האָט
זיך געשפּיגעלט אַ מאָדנע פערלעגענהייט. עפּעס
האָט זיך נישט בעוועגט איהר צונג און קוים,
קוים האָט זי אַרויסגערעדט :

— ניין ער וואוינט דאָ שוין נישט מעהר,
ער איז . . . . זענט איהר זיינע אַ שוועסטער ?
— האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטהאָן.

— ניין !
—אַ קרבה ?
— ניין !
— אַ בעקאַנטע ?
— יאָ !

לייכטער האָט דאָס ווייבעל אָבגעאָטהעמט.

— ער איז נעכטען געשטאָרבען, און
היינט אין דער פריה האָט מען איהם מקבר גע־
ווען.

צו איז זי בלאַס געוואָרען, אָדער האָט זי
אינסטינקטיוו אַ וואָרף געטהאָן זיך, נאָר איין
רגע, און זי איז שוין געווען ביי דעם ווייבעל
אין די אָרימס און אַ קוויטשיג קול האָט גע־
שריען אין דער גרויסער שטוב אַריין :

— וואַסער, חיה, גיכער, וואַסער !

דאָס וואַסער אָבער האָט זי נישט גענומען,
ווייל איידער מען האָט עס געבראַכט, איז זי
שוין געשטאַנען רוהיג און אויסגעפרעגט דאָס
ווייבעל :

— ער איז זייער זוהנ'ס אַ בעקאַנטער,
אָבגעשטעלט זיך אויף עטליכע טעג. פּלוצלינג
איז איהם געוואָרען נישט גוט, און נישט גוט.
מען האָט גערופען דאָקטוירים, נאָר עס האָט
שוין גאָרנישט געהאָלפען : ער האָט
אויסגעשפּיגען די לונג און געשטאָרבען. —

מעהר האָט זי נישט געפרעגט און נישט
געוואָלט וויסען.

אַן אַלטער פוהרמאַן האָט איהר אָבגע־
פיהרט צום בית עולם, וואָס איז געווען אונטער
דער שטאָדט, און אָבצאהלענדיג איהם, איז זי
אַראָב נעבען דעם וויסטען מיט הויכען, געלען
גראָז בעוואַקסענעם בית עולם.

אַ וואַרימער פרישער ווינטעל האָט געבלאָ־
זען פון די פעלדער, וואָס האָבען אַרום געגרינט.
די זון איז געשטאַנען אין דרום און פון די נידע־
ריגע מצבות האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צי־
הען די שאַטענס. קליינע בעגולדעטע פוך וואָל־
קענדלעך האָבען זיך געטוקט אין הימעל אין
הויך, און פון זיי האָט זיך אַראָבגעגאָסען אַן
אונאויפהערליכער רעגען פון טרעלען. ביין טויער
פון בית עולם האָט זי געטראָפען אַ קליינעם
עולם מענשען : אַ אידענע מיט עטליכע מייד־
לעך זיינען געשטאַנען צוזאַמען־געדריקט, פאַר־
וויקעלט אין פּאַטשיילעס און געבראָכען מיט די
הענד, און פון זייער גרופּע האָט זיך אַלע ווײַלע
אַרויסגעריסען אַ היסטערישער : אוי, מיין מאַן !
אוי, אונזער טאַטע ! אַרום זיי האָבען זיך הילפ־
לאָז געדרעהט עטליכע אידען מיט אידענעס,
אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען און עפּעס ווי בעטענדיג
געזאָגט : „נו, נו, מען טאָר נישט, פּעסע, האָט
רחמנות אויף אייערע קינדער, זיי דאַרפען נאָך
אַ מאַמען האָבען.“

ווייטער אביסעל פאַרזונקען אין הויכען
קברים גראָז האָבען זיך געפּאַרעט עטליכע אי־
דען און פון יענעם ווינקעל איז דערגאַנגען דאָס
זעגען פון אַ זעג און דער קלאַנג פון אַ רעדעל :
דאָס האָט מען אַ נייען קבר פאַרענדיגט.

קלאָהר און דייטליך, נאָר פרעמד ווי נישט
זי וואָלט זיי געזעהן זיינען איהר פאַרבייגע־
שוואומען די בילדער. פאַר זיך, און אין גאַנ־
צען אין זיך, האָט זי אויטאָמאַטיש אָבגעשטעלט

אַ אידען, וואָס ער האָט זיך איהר אויסגעדוכט פאר אַ קברות־מאַן און געפרעגט איהם אויפ'ן קבר פון יונגען מאַן, וואָס מען האָט היינט בעגראבען.

און בעקומענדיג די נויטהיגע תשובה, איז זי אוועק צו אַ געל אָנגעשאָטען בערגעל, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון צווישען גראָז. ביי דעם בערגעל האָט זי זיך אָבגעשטעלט און געבליבען שטעהן.

יא, זי איז אַ אידישע טאָכטער. זי האָט נישט געקניעט, כאָטש די קניע האָבען זיך איהר געבויגען. זי האָט קיין בלומען נישט געבראכט, כאָטש די האנד האָט זיך געצויגען צו אַ קליין געל בלומעל, וואָס האָט זיך געבויגען צום יונגען קבר. קיין טהעהרען זיינען אויך נישט געפאלען.

זי איז מעהר נישט געשטאַנען און געוואָלט בעגרייפען, וואָס איז דאָ געשעהן. אייערנעכטען האָט איהר געזונגען אַ שטימע אין אויער: ער קומט, ער קומט . . . נעכטען האָט זי אַ בריעף בעקומען: „קום“, און איצט? איצט שטעהט זי ביי א געל זאמדיג בערגעל. „אויב איהר וועט קומען, וועל איך זיין זעהר צופריעדען“, האָט זי שטילערהייד נאָכגעשעפּצעט דעם געדאנק.

אַ שטילער ווינטעל האָט נאָך אַלץ געוויגט דעם הויכען גראָז. פון ווייטען האָט אויסגעבראָכען אַ היסטערישער געיאָמער צוזאמען מיט טויבע קלעפּ פון רידלען ערד, וואָס זיינען אין אָפענעם קבר געפאלען. פון הימעל האָבען אונאויפהערליך זילבערנע טרעלען געפלאָסען.

און זי איז געשטאַנען און געשעפּטשעט:

— „אויב איהר וועט קומען, וועל איך זיין זעהר צופריעדען“ . . .

5.

צוריק אין שטאָדט צו איהרע לעקציעס האָט זי זיך נישט געקענט איצט אומקעהרען. זי האָט געפיהלט, אז איהר איז נויטיג אַ שטילער ווינקעל: אַ ווינקעל, וואו זי זאָל קענען פאר זיך זיין און קלאהר מאַכען זיך, וואָס איז געשעהן אין איהר לעבען: געפינען דעם אָנהויב און בעגרייפען דעם סוף. און געגליכען איז געוועז איהר צושטאַנד דאן צו אַ מענשען, וואָס האָט אַ צייט לאנג געשפּיעלט אַ שטילע מעלאָדיע, מיט וועלכער ער האָט זיך פארוויגט. און פּלוצלינג האָט זיך די מעלאָדיע איבערגעריסען אין א מורא'דיגע שטילקייט, אַ טוידטע, אַן אונרוהיגע האָט פארנומען איהר אָרט, און ווי ער זאָל זיך נישט סטארען צוריק אנבינדען די מעלאָדיע, אריינגעהן אין טרוים־צושטאַנד, קען ער שוין נישט, אַלץ, אַלץ שווייגט: הארט, בעז און איינגעשפּארט.

אַזאַ שטילקייט האָט זי אויך ארומגענומען. און מיט דער מורא'דיגער, פינסטערער שטילקייט האָט זי זיך אומגעקעהרט צוריק אַהיים, צו זיך, אין דער אַלטער שטוב, אין שטילען אלקירעל. אין שטוב האָט די מאַמע איהר בעגעגענט מיט דער הייסטער צארטעסטער ליעבע, ווי נאָר אַ אידישע מאַמע קען בעגעגענען איהר בת יחידה: זי אָבער האָט דאָס נישט געטרייסט.

אין איהר אלקירעל איז אלץ געווען ריין, אויפגעראמט און ליכטיג. דער גארטען, וואָס פאר'ן פּענסטער האָט געבליהט: אויף די גריגע בייטען האָבען זיך שוין די אוגערקעס געשלענגעלט, — די בעבלעך האָבען זיך שוין אָנגעהויבען דרעהען ארום טיטשקעס, און פון געגענאיבער האָט אַ רעז בוים זיינע ריחות צוגאָסען.

זי אָבער האָט דאָס נישט בערוהיגט.

טעג מיט נעכט איז זי אָבגעזעסען נעבען פּענסטער, געקוקט און געטראָכט: אָט איז „ער“ געשטאָרבען, דער צענטער פון איהר גאַנצען לעבען. און זי? זי איז געבליעבען, ווי געווען: עסט, טרינקט, שלאָפט, רעדט מיט מענשען. קיין שום זאך האָט זיך נישט געענדערט. וואָלט כאָטש עפּעס געשעהן, עפּעס אזא זאך, וואָס זאָל בעצייכענען, אויסדריקען איהר צער און וועהטאָג! וואָלט זי א פרום אידיש קינד געווען, וואָלט זי אַ קדיש געדונגען, יאָהרצייט געשטעלט, אַלע טאָג תהילים געזאָגט. וואָלט זי א קריסטין געווען, וואָלט זי אין מאַנאַסטיר איהר גאַנצען לעבען זיין אָנדענקונג געשענקט. זי איז אָבער ביידע זאכען נישט געווען. און דער מורא'דיגער צער איהרער איז געבליעבען נישט געטרייסט און נישט אויסגעדריקט.

און איינמאָל, ווען זי איז אַזוי געזעסען פארגליווערט ביי זיך אין אלקירעל מיט דעם שטומען נישט אויסגעדריקטען צער, האָט איהר די מאַמע געבראכט פון קראָם אַ בריעף מיט אַ פּאקעט, וואָס איז געווען אדרעסירט אויף איהר נאָמען. דער בריעף איז געווען פון איהרע אַ חבר'טע קורץ און אָפיציעל:

„גלייך נאָך איהר אָבפאָהרען האָט זי בעקומען פון זייער בעקאַנטען מ.'ס אַ פריינד דעם פּאקעט מיט דער ביטע, אין מ.'ס נאָמען איהר דאָס אָבצושיקען. זי האָט די גאנצע צייט געזוכט איהר אַדרעס, איצט שיקט זי דאָס איהר אָב.“

אין פּאקעט איז געלעגען זיין בילד אָהן קיין שום אויפשריפט.

פאר זיין טוידט האָט ער געבעטען זיין חבר, איהר אָבצושיקען זיין בילד . . . פאר זיין טוידט . . . באַר זיין טוידט . . . הייסט דאָס ער האָט זי... ווייטער איז דער געדאַנק נישט געגאַנגען, דער בריעף איז איהר אַרויסגעפאלען פון די הענד. אַקעגען איהר איז געשטאַנען איהר טואלעט שפּיעגעל, און זיינענדיג בעהערשט פון דעם געדאנק, אַז ער האָט זי גע־

ליעבט, האָט זי, ווי דורך א בלינדען אינסטינקט געשטויסען, נישט ווילענדיג א קוק געטהאָן אויף זיך. און דערזעהן האָט זי פּלוצלינג, אז זי האָט צוויי לאנגע פּראכטפאָלע שווארצע צעפּ, וואָס זיינען אין אונאָרדנונג געלעגען אויף איהר. דאָס איינציגע, וואָס האָט זי בעציערט, דאָס איינציגע, אויף וואָס זיין אויג האָט רוהען געקענט.

און פערכאַפּט פון דעם געדאנק, איז זי צוגעגאנגען צום טיש, גענומען א שער און לאנגזאם, ווי מיט א תפילה, אָבגעשניטען ביידע צעפּ. פאמעליך האָבען זיך די שווארצע צעפּ אראָבגעלאָזען אויפ'ן באָדען און צוזאמען מיט זיי האָט זי זיך אויך אראָבגעלאָזען . . .

— — — — — — — — — — — —

וויפיעל זי איז אזוי געזעסען אויפ'ן באָדען, ווייס זי נישט, נאָר אז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין געדונקעלט. אין קאַסטיאָל האָט מען געקלונגען צום אווענד־געבעט, און אין דער קיהלער אווענד־לופט האָבען זיך צוטראָגען אומעדיגע קלאנגען, בעגלייט פון א לאנגען שטילען, ציטריגען עכאָ.

גרינג איז איהר געוועז אויפ'ן הארצען. שטיל און רוהיג. און אין דער נשמה ביי איהר האָט געציטערט, ווי א שטילער ניגון דער עכאָ פון איהר איבערגעריסענער ליעבע. און קלאהר איז איהר געוואָרען, אז פון דער מינוט אָן געהערט זי נאָר איהם, אָט דעם ציטריגען, אומעדיגען ווידערקלאנג. און טייער איז ער איהר געוואָרען, דער עכא פון איהר ליעבע, ווי איהר יוגענד טרוים, ווי די אלטע שטוב, און ווי דער פארנעבעלטער איבער'ן טייך, און ווייט פון אלעמען האָט זי זיך אָבגעשלאָסען, אליין זיך א צעלע געבויט : קיין זאך זאָל נישט קענען שטערען דעם אייביגען, ציטריגען, אומעדיגען ווידערקלאנג פון איהר איבערגעריסענער ליעבע.

יאָ, זי איז אן אָבגעשאָרענע . . . .

אין פרויען מאנאסטיר האָט מען געקלונגען האַלבע נאכט. אין פענסטער פון דער ווייסער צעלע האָט אריינגעקוקט א ריינער, אויסגעשטערנטער, פראָסטיגער הימעל. געהיימניספאָל האָט זיך געוויגט דאָס מיט שנעע פארשאָטענע סעדעל, און איבער די נידריגע ווייסע בוימלעך האָט געציטערט דער עכאָ פון גלאָק און שטיל פארשוואונדען אין דער ווייטער ווייטקייט.

און געדוכט האָט זיך, אז א גאנצער שלל פון ווידערקלאנגען : טויזענדער איבערגערייסענע לעבענס און גליקען, האָפנונגען און חלומות זיינען איצט ארויסגעשוואומען פון שטילען פרויען מאנאסטיר, און צוזאמען מיט זיי האָט זיך פאראייניגט אויף דער קלאנג פון דער איינזאמער אידישער טאָכטער : דער עכאָ פון איהר יוגענד־ליעבע.

אקעגען מיר איז געזעסען דאָס מיידעל, דעם קאָפּ אָנגעשפּארט אויף די הענד, און צווישען איהרע לאנגע געשניצטע פינגער זיינען געלעגען צושאָטען פאר מיר איהרע קורצע אונטערגעשניטענע האָר מיט זייער שטילען ענטפלעקטען סוד.

ענדע.

מ. פּאַוולאָוויטש

די אינטערנאציאָנאלע שותפים פון מלאך המות

1. אין מארקס'ען טריט.

ליבקנעכט האָט ווידער אמאָל איבערראשט דעם רייכסטאג מיט סענסאציאָנעלע אויפדעקונגען וועגען דעם מלחמה־טראָסט.

ער האָט בעוויזען, אז די דייטשע מיליטער־אינדוסטריע טראָגט אן אינטערנאציאָנאלען כאראקטער, אז די דייטשע פירמע קרופּ איז פערבונדען מיט די רוסישע פּוטילאָווער פאבריקען, אז א צווייטע דייטשע פירמע לעווו האָט פאבריקען אין הערשטאל (בעלגיען), אין פּאריז, אין ברעשיא (איטאליען), אז זי איינס מיט שטייער'ס מאנופאקטור אין עסטרייך, מיט דער רוסישער געזעלשאפט „פּאראבעלום“ אין פּעטערבורג און אז זי האָט א האנד ניט נור אין די מיליטערישע פירמען פון אייראָפּא, נור אויך פון ווייטען יאפּאָניען.

די מיליטערישע אינדוסטריע שפּיעלט א געוואלדיגע ראָלע אין אינערליכען און אויסערליכען לעבען פון די מאָדערנע שטאאטען. דעם שרייבער פון דיזע צייליען איז שוין אין 1911, נאָך איידער ליבקנעכט איז ארויסגעטראָטען מיט זיינע ערשטע אויפדעקונגען (אין אפּריל 1913), אויסגעקומען אין דער רוסישער און פראנצויזישער פּרעסע אָנצואווייזען אויף דעם מורא'דיגען קאפּיטאליסטישען אינטערנאציאָנאַל — אויף דעם אינטערנאציאָנאלען סינדיקאט פון די פראנצויזישע, דייטשע, ענגלישע, רוסישע און אנדערע מעטאלורגישע און קאנאָ־

נען־פאַבריקען. ער שפּיעלט א פּראוואקאטאָרישע ראָלע, ער העצט די פעלקער איינס אויף דאָס אנדערע, ער שרעקט מיט אן אל־אייראָפּעאישען קריעג, כדי צו צווינגען די מלוכות צו פערגרעסערען זייערע בעוואפנונגען, כדי צו העכערן די דיווידענדען פון די קרופּס, ארמסטראָנגס, וויקערסעס א. ז. וו.

די אָרגאַניזאַציע פון דער מיליטערישער אינדוסטריע אין אייראָפּאַ און די פעראייניגטע שטאַאטען, דער קאַמפף וואָס זי פיהרט אָן פאר די אינערע און אויסערע מערק — דאָס אַלץ איז זעהר וויכטיג אום צו בעגרייפען די אינערליכע און אויסערליכע פאָליטיק פון די מאָדערנע שטאַאטען. ליידער, איז די פראגע נאָך זעהר ווייניג בעהאַנדעלט געוואָרען.

דאָס מוסטער לאַנד פון דער מיליטערישער אינדוסטריע איז ענגלאַנד, דאָס אינדוסטריעלסטע לאַנד אין דער וועלט. ענגלאַנד בויט די גרעסטע קריעגס־שיפען און פערזאָרגט מיט זיי רוסלאַנד, טערקיי, שפּאַניען און אפילו די ווייטסטע לענדער — כינא, בראַזיליען, טשילי א. ז. וו.

אין דער פאָררעדע צום ערשטען באַנד פון זיין אונשטערבליכען ווערק „קאַפּיטאַל" זאָגט מארקס וועגען די געזעצען, וואָס רעגירען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, אז דאָס לאַנד, וואָס איז אם מעהרסטען ענטוויקעלט אינדוסטריעל, קאָן דיענען פאַר א בילד פון דעם, וואָס וועט ווערען אין דער צוקונפט מיט די אָבגעשטאַנענע לענדער. אין מארקס'עס צייטען איז אזא מוסטער לאַנד געווען ענגלאַנד, און ענגלאַנד איז עס פערבליעבען עד היום. מארקס האָט זיך דערפאַר אם מעהרסטען פערנומען מיט ענגלאַנד, און מיר, די תלמידים פון מארקס'ען, וועלען נאָכטהאָן זיין ביישפּיעל: מיר וועלען אויספאָרשען די מיליטערישע אינדוסטריע פון ענגלאַנד, צו האָבען א בעגריף וועגען איהר בכלל.

---

2. פּריוואַטע און שטאַאטליכע מיליטערישע אינדוסטריע אין ענגלאַנד. דער זיעג פון דער פּריוואַט אינדוסטריע. די אַלוועלטליכע בעדייטונג פון דיזען זיעג.

אין ענגלאַנד, ווי אומעטום, איז די מיליטערישע אינדוסטריע געלעגען אין די הענד פון דער רעגירונג. אָבער מיט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, האָט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל פערכאַפּט אָט די פאַטריאָטישע אינדוסטריע אויך. וואָרים ביי דער הייליגער אויפגאַבע צו בעוואפנען די נאַציאָן לאָזט זיך מאַכען א פעט פערדיענסטעל. איצט פיהרען שוין דורך די פּריוואַטע אונטערנעהמונגען 70־80 פּראָצ. פון אַלע בעשטעלונגען פון דער ענגלישער רעגיערונג. די פּריוואַטע מיליטערישע אינדוסטריע איז אויסגעוואקסען פאַר אונזערע אויגען — אין די לעצטע 20 יאָהר. אפילו אין אזא היטערשטעליגען לאַנד, ווי רוסלאַנד, זיעגט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל — מיט וויקערס'עס הילף ווערט געבויט אן ארטילערישע פאַבריק אין צאַריצין, מיט שניידערס הילף ווערען רעאָרגאַניזירט די פּוטילאָווער פאַבריקען אין פעטערבורג.

דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אריינגעלעגט געוואָרען אין דער ענגלישער פּריוואַט־מיליטערישער אינדוסטריע, בעטרעפט 71 מיליאָן פונט סטערלינג. בעשטעלונגען פון דער ענגלישער רעגיערונג בלויז אויף צו בויען נייע שיפען אין איין יאָהר 1913 האָט זי בעקומען אויף 12 מיליאָן פונט סטערלינג. היינט, וואו זיינען די בעשטעלונגען פון אויסלאַנד? — און די דיווידענדען? די דיווידענדען פון דער פירמע אָרמסטראָנג האָבען אין 1912 אויסגעמאַכט 12½ פּראָצ. זינט 1900, ווען קינד און קייט האָבען גענומען חזרן די פּאַבעל, אז עס מוז קומען צו א מלחמה צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד, זיינען די דיווידענדען פון דער פירמע קיינמאָל ניט געפאַלען נידריגער פון 10 פּראָצ. דער דורכשניטליכער דיווידענד פאַר די צעהן יאָהר איז געווען 14½, 5 מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבען ביז 15, אין 1904 האָט ער דערגרייכט 22 פּראָצ., אין 1907 — 17. איהר זעהט, א פּאַבעל קאָן געבען דיווידענדען. און די איבריגע פירמען האָבען אויסגעמאַכט ניט ערגער. וויקערסעס דורכשניטליכער דיווידענד פאַר די לעצטע 5 יאָהר איז 10 פּראָצ., קאַמעל־לערדס פאַר די לעצטע 9 יאָהר איז עפּעס מעהר פון 12%.

די „קאַזיאָנע" פאַבריקען זיינען ניט ביכולת נאָכצוהאַלטען די פּריוואַטע — אפילו אין ענגלאַנד ניט, וואו די רעגיערונג האָט צעהן רייך אויסגעשטאַטעטע שיף־בוי־פּלעצער. אין 1913 האָט די רעגיערונג געמוזט אָוועקגעבען פינף זעקסטעל פון איהרע בעשטעלונגען צו די פּריוואַטע פירמען. די רעגיערונגס־פאַבריקען נעהמען אָן נייע אַרבייטען נור אום אויפצוהאַלטען איהרע אַרבייטער, וועלכע קענען איהר צוניץ קומען אין א נויט.

ווייל די פּריוואַטע פאַבריקען זיינען אויסגעריכטעט נאָכ'ן לעצטען וואָרט פון טעכניק. עלעקטריציטעט, לופט־דרוק — ווערען אָנגעווענדעט אויף טריט און שריט. פון האַנד ארבייט, ווי האַקען, שמיעדען, „פינען", — וואָס איז נאָך אין געברויך אויף די קאַזיאָנע פאַבריקען, איז אויף די ערשט־קלאַסישע פּריוואַט־פאַבריקען קיין זכר ניטאָ. פערשטעהט זיך, אז אזא אויסריכטונג האָט געפאָדערט אונגעהייערע קאַפּיטאַלען און אָהן די הילפע פון די ביינק און

טויזענדער אָקציאָנערען, וועלכע האָבען אויסגע־פונען, אז בויען קריעגס־שיפען איז פונקט אַזאַ טובה פאר דער קעשענע ווי פאר דעם פאָטער־לאַנד, וואָלט אַזאַ קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג אונמעג־ליך געווען. דער קאַפּיטאַל פון דער פירמע וויקערס, וואָס האָט בעטראָפען אין 1863 750.000 דאָל., האָט זיך אויפגעהויבען אין 1907 ביז 31 מיליאָן און דערגרייכט אין 1912 42½ מיליאָן. די 7 ענגלישע הויפּט־פירמען — ווי זיי זיינען מיט זייערע נעמען: אַרמסטראָנג, וויקערס, קעמעל־לערד, בידמאָר, דזשאָהן בראָון, נאָבעל דינאַמיט־טראָסט, קאָווענטרי קאָ. — האָבען צוזאַמען א פערמעגען פון איבער 170 און א האַלב מיל. ד. הייסען הייסט עס, אז דאָס איז בלויז 49 פּראָצ. פון דעם גאַנצען פּריוואַטען קאַפּיטאַל, וואָס ליעגט אין דער אינדוסטריע, אין דער אמת'ן אָבער קאָנטראָלירען די 7 פירמען דעם גרעסטען טייל פון דעם קאַפּיטאַל.

דער איבערגאַנג פון דער מיליטערישער אינדוסטריע אין פּריוואַטע הענד האָט פּיעל מיטגעווירקט, אז דער מיליטאַריזם זאָל זיך אַזוי אונגעהיוער ענטוויקלען. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט געטריעבען דעם מיליטאַריזם אַלץ פאָרווערטס. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל אין זיין יאָגעניש נאָך פּראָפיט האָט געמוזט מאַכען איין ערפינדונג נאָך דער אַנדערער —אַלץ פאָלקאָמענער איז געוואָרען דאָס שלאַכט־שיף, אַלץ טויטליכער דאָס געוועהר. און דאָס האָט געמיינט, אז די מלוכות דאַרפען זיך אַלץ פון דאָס ניי בעוואָפענען, וואָרים איינע טאָר דאָ ניט אָבשטעהן פון דער אַנדערער. א מי־ליטערישע ערפינדונג איז ניט גלייך צו אַנדערע ערפינדונגען, וועלכע מען דאַרף זיך ניט אַזוי אונטעראייַלען אָנצואווענדען. אָן א מיליטערי־שער ערפינדונג הענגט אמאָל אָב דאָס שיקזאַל פון א נאַציאָן. ווייטער: א מיליטערישע ער־פינדונג פון היי־יאָהר פערלירט איהר גאַנצע בעדייטונג איבער א־יאָהר. זי ווערט אונברויכ־באַר. אָבער אין יעדער ערפינדונג איז אריינ־געלעגט געוואָרען אן אונגעהייערער קאַפּיטאַל. ווען אן ערפינדונג געהט ארויס פון געברויך, מיינט עס באַנקראָט פאר דער פירמע, וועלכע האָט איהר איינגעפיהרט. די פירמע קען זיך נור ראַטעווען דורך נייע און נייע מיליאָניגע בעשטעלונגען, וועלכע טאָרען ניט פעהלען אין קיין איינציגען יאָהר. מוז זי מיט אַלע מיטלען זוכען ארויפצווינגען אויף די רעגיערונג איהר בעוואָפנונגס־מיטעל, מוז זי בשותפות און אין קאָנקורענץ מיט אַנדערע פירמען העצען צו מלחמה, שאַפען אינטערנאַציאָנאַלע פּלאָנטערס, און דאָס אַלעס צוזאַמען האָט געבראַכט דערצו, אז די ביודזשעטען פון די רעגיערונגען זאָלען וואָס ווייטער אַלץ מעהר מיליטאַריזירט ווערען, וואָס דאָס איז געוואָרען דאָס גרעסטע אומ־גליק פון דער היינטיגער אָרדנונג.

די רעגיערונגס־פאַבריקען זיינען ניט געווען אַזוי פעראינטערעסירט אין נייע ערפינדונגען און זיינען אויך ניט געווען אַזוי ריהרעוודיג, אָבער דאָך האָבען זיי געמוזט זיך נאָכשלעפּען נאָך די פּריוואַטע אונטערנעהמונגען און אריינ־בראָקען אַלץ נייע קאַפּיטאַלען אין נייע איינ־ריכטונגען, אָבער דעריאָגען די פּריוואַטע פירמען האָט די רעגיערונג — אפילו די ענגלישע — קיינמאָל ניט געקענט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי פערמאָגט די גלענצענדסטע אינזשע־נערען און די בעסטע פאַכלייט צווישען די ארבייטער. אָט האָט די רעגיערונג אין 1907 ערקלערט א קאָנקורס אויף צו בויען א קריעגס־שיף פון דעם טיפּ סט.־ווינסענט (19.250 טאָן). די רעגיערונגס־ווערפט אין פּאָרטסמוט האָט אויסגעבעטען ארום 3½ מיליאָן דאָל. (אָהן דעם פּאַנצער בעדעק און אָהן אַרטילעריע), די פיר־מע וויקערס האָט ארונטערגעלאָזען ביז 3 מיל. דאָל., ד. ה. כמעט אויף א האַלבען מיליאָן. און ניט נור זייענען די קאַזיאָנע פאַבריקען גרויסע בעררייסערס, נור אויך גרויסע מאַרוד־ניקעס. אינזשענער דמיטריעוו דערצעהלט אין זיין סעקרעטנעם בוך „די שיף־בוי־פאַבריקען אין רוסלאַנד און אויסלאַנד" (ארויסגעגעבען פון רוסישען פלאָטען־מיניסטעריום אין 1909, זייטע 756) וועגען דעם פאָלגענדען פאַל: די קאַזיאָנע פאַבריקען פון פּאָרטסמוט און דע־וואָנפּאָרט האָבען זיך דערוואוסט אין 1907, וועגען געוויסע בעשטעלונגען, וואָס די רעגיע־רונג געהט ביי זיי מאַכען. האָבען זיי גענומען בעצייטענס זיך צוגרייטען, כדי שפּעטער זיך ארויסצושטעלען אלס בריות. זיי האָבען פאַר־טיג געמאַכט צייכנונגען און האַלב בעאַרבייט דעם רויהען מאַטעריאַל. און כאָטש זיי האָ־בען בעקומען די בעשטעלונגען אויף 4 מאָנאַ־טען פריהער, ווי די פירמע וויקערס, האָט די פירמע זיי דעריאָגט. ביי וויקערסען האָט עס געדויערט 10 מאָנאַטען, ביי די רעגיערונגס־פאַבריקען 14־15 מאָנאַטען.

די קאַזיאָנע פאַבריקען האָט מען פאַרט אָנגעהאַלטען, כדי צו שרעקען מיט זיי און איינצוהאַלטען אביסעל די אַפּעטיטען פון די פּריוואַטע מיליטערישע טראָסטען. די קאַזיאָ־נע פאַבריקען ערפילען א געוויסע אויפגאַבע, וואָס די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג האָט אויף זיי ארויפגעלעגט — ווען ניט זיי וואָלטען די טראָסטס דיקטירט זייערע בעדינגונגען דער רעגיערונג. און דאָזעלבע האָבען אויך ער־קלערט אין פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט די דע־פּוטאַטען הובער, קאַשערי און סענאַטאָר וואַ־דינגטאָן אין זייערע רעדעס צום קריעגס־ביוד־זשעט. און א ראיה האָבען מיר, אז ווען די פירמע אַרמסטראָנג האָט מיט א פּאָאר יאָהר

צוריק געהאַט אַ געוויסע ספּעציאַליטעט, וואָס קיין פירמע האָט איהר ניט געקענט נאָכמאַכען —טורמפּאַרמדיגע געשטעלען פאַר שיף־האַרמאַטען, וועלכע הויבען זיך און לאָזען זיך אַרונטער דורך דעם וואַסער־דרוק — האָט די פירמע געריסען אַזעלכע משונה׳דיגע פּרייזען פון דער רעגיערונג, אַז איין גאָט האָט זיך געמעגט מרחם זיין.

---

3. דער פּראָיעקט פון אַ מלוכה־מאָנאָפּאָל אויף דער מיליטערישער אינדוסטריע.

מיר האָבען זיך אַזוי לאַנג אָבגעשטעלט אויף דעם חילוק צווישען די קאַזיאָנע און פּריוואַטע פאַבריקען, ווייל די לעצטע צייט זיינען אייניגע פּאַציפיסטען—בורזשואַזע רודף־שלום׳ניקעס — אַרויס מיט אַ פּראָיעקט, אַז די רעגיערונגען זאָלען איבערנעהמען אַלע שיף־בוי־ און קאַנאָנען־פאַבריקען, וואָס דאָס וועט זיין אַ סגולה צו פריעדען. אַזוי צ. ב. ש. האָט פּראָפעסאָר לואי ברענטאַנא אין פּסח־נומער פון „נייע פּרייע פּרעססע" — פּסח איז ביי די קריסטען אַ פריעדענס יום טוב — זיך צולאָזען מיט אַ חקירה, אַז די רעגיערונגען וואָלטען בשום אופן ניט געהאַט קיין אינטערעס צו פּראַוואָצירען קאָנפליקטען, ווייל זיי זיינען דאָך ניט קיין פּריוואַטע ביזנעס לייט, קיין רויבערישע קרעזאָס און אַרמסטראָנגס, וואָס יאָגען זיך נאָך פּראָפיטען. אָט האָט די דייטשע רעגיערונג פּרובירט אַרויסצופיהרען קיין אויסלאַנד די לופט־שיפען פון גראַף צעפעלין. זאָל דער פּרוּוו זיך אויך אויסשפּרייטען אויף קאַנאָנען און פּאַנצערם. דאָס וואָלט געוועזען אַ סך ווירקזאַמער פאַר׳ן פריעדען, ווי אַלע פריעדענס־קאָנגרעסען מיט זייערע באַנקעטען און טאָסטען.

עס איז דאָך אָבער אויבען אויף, אַז דער דאָזיגער פּראָיעקט איז אַן אוטאָפּיע. מען קאָן ניט בלייבען ביי דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און גלייכצייטיג, מיט אַ פעדערשטריך, פערניכטען אַ גאַנצע אינדוסטריע, אין וועלכער מיליאַרדען זיינען אריינגעלעגט געוואָרען. די מיליטערישע אינדוסטריע איז אַ נייע ווירטשאַפטליכע פאָרם, צו וועלכער עס האָט געבראַכט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון די לעצטע יאָהרצעהנדליגע און זי איז ענג פערבונדען מיט דעם גאַנצען סאָציאַלען סיסטעם. די מעכטיגסטע פינאַנץ־אַנשטאַלטען פון דער וועלט, גאַנצע אינדוסטריען, ווי די מעטאַלורגישע, וואָס שפּיעלט די הויפּט־ראָלע אין עקאָנאָמישען לעבען פון פיעלע לענדער, האָבען פערבונדען זייער שיקזאַל מיט דער מיליטערישער אינדוסטריע,—וועט קיין קאַפּיטאַליסטישע רעגיערונג זיך ניט איינשטעלען צו מאָנאָפּאָליזירען אַזאַ אינדוסטריע פאַר זיך. און ווייטער, האָט שוין אין 1893 דער פראַנצויזישער דעפּוטאַט קאַשערי בעוויזען, אַז לויט דעם צושטאַנד פון דער מאָדערנער מיליטערישער טעכניק, וועלכע פערפאָלקאָממט זיך פון טאָג צו טאָג, איז די געהעריגע אויסשטאַטונג פון מיליטערישע פאַבריקען ניט נאָך די כוחות פון אַ רעגיערונג. און דאָס איז נאָך מעהר ריכטיג איצט, אין 1914. די קאַפּיטאַלען, וועלכע זיינען דערצו נויטיג, זיינען אַזוי גרויס, אַז צוערשט מוז געשאַפען ווערען אַן אַקציאָן־געזעלשאַפט, וואָס זאָל צונויפזאַמלען אַקציאָנערען פון דער גאַנצער וועלט. און מיר זעהען טאַקע, אַז אין 1900 האָבען די פּריוואַטע פאַבריקען אויסגעפיהרט אין ענגלאַנד 59,1 פּראָצ. פון אַלע בעשטעלונגען פון פלאָטען־מיניסטעריום, אין 1903 — 67,4 פּראָצ., אין 1906 — 87 פּראָצ., אין 1912 — 89,5 פּראָצ. אונטער די איצטיגע אומשטענדען, אין דער איצטיגער שטימונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, קאָן די רעגיערונג ניט קאָנקורירען מיט די פּריוואַטע אונטערנעהמער.

און פּריוואַטע אונטערנעהמער זוכען דיווידענדען אויף זייערע אַקציעס, און דיווידענדען קומען פון בעשטעלונגען, און בעשטעלונגען פון מלחמה־העצעס. היינט רייצט מען ענגלאַנד געגען דייטשלאַנד, מאָרגען עסטרייך געגען רוסלאַנד, און אַזוי געהט דאָס געשעפט.

---

4. סנאָודענ׳ס אויפדעקונגען אין ענגלישען פּאַרלאַמענט.

עס איז נאָך ביי אַלעמען פריש אין זכרון ליעבקנעכט׳ס אַרויסטריט אין דייטשען רייכסטאַג אין אַפּריל 1913, ווען ער האָט בעוויזען אויף וואָס פאַר אַן אופן די „דייטשע מוניציאָן־ און וואַפען־פאַבריק" האָט געזוכט אַרויסצוקריגען נייע בעשטעלונגען פון דער דייטשער רעגיערונג.

נאָך אינטערעסאַנטער זיינען די אויפדעקונגען פון דעם ענגלישען אַרבייטער דעפּוטאַט סנאָודען. זיי כאַראַקטעריזירען נאָך דייטליכער די מעטאָדען פון די מיליטערישע ליפעראַנטען. סנאָודען האָט אין זיין רעדע פון 19טען מערץ, 1914, ענטפּערנדיג דעם פלאָטען־מיניסטער טשערטשיל, אָנגעוויזען אויף די סקאַנדאַליעזע חבר׳שאַפט צווישען די לייט פון מלחמה־טראָסט און פיעלע מיטגליעדער פון פלאָטען־מיניסטעריום און פּאַרלאַמענט. ער האָט דערצעהלט, ווי אַזוי די ענגלישע שיף־בוי־פירמען, וועלכע פּאַראַדירען אַזוי מיט זייער פּאַטריאָטיזם, פערראַטען דאָס לאַנד, פערקויפענדיג צו די פיינדליכע מלוכות די סעקרעטען פון אַלע נייע ערפינדונגען אין דער ענגלישער פלאָטע; ער האָט ערקלערט דעם מעכאַניזם, ווי אַזוי דער מלחמה־טראָסט שאַפט אַ מהומה, און ער האָט געוואָרענט, אַז אַזאַ מאַשינירטע מהומה דאַרף באַלד קומען. די שיף־בוי־פירמען

פּערגרעסערען זייערע קאַפּיטאַלען און פּערשפּרעכען זייערע אַקציאָנערען פּערגרעסערטע דיווידענדען. די מהומה פון 1909 האָט אויפגעהויבען די דיווידענדען פון דער פירמע וויקערס פון 2½ מיל. דאָל. ביז 4 מיל. דאָל., ד. ה. אויף 84%; די דיווידענדען פון אַרמסטראָנג אויף 82%. די פירמען שטעלען אָן אַלס דירעקטאָרען געוועזענע אַדמיראַלען, וועלכע האָבען פערבינדונגען אין פלאָטען־מיניסטעריום און קענען פועלן בעשטעלונגען און לייכטערע בעדינגונגען ביים אָננעהמען די פאַרטיגע שיפען. פיעלע מיטגליעדער פון מיניסטעריום בעקומען גלייכצייטיג שׂכירות פון טראָסט. אייניגע מיטגליעדער פון דער רעגיערונג — דער מיניסטער פון די קאָלאָניען, הארקורט, דער מיניסטער פון פּאָסט, האבהוז, דער שטאַאטס־קאָנטראָלער, מוררעי — זיינען אַקציאָנערען פון טראָסט. און דער פּאַרלאַמענט גופא איז פול מיט אַקציאָנערען. „וואָס שייך די מיטגליעדער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, איז ווען איך וועל וואַרפען א שטיין רעכטס פון זאַל, וועל איך בעשטימט טרעפען אין אן אַקציאָנער“. די ווערטער האָבען ארויסגערופען א געלעכטער, כאָטש דער פאַקט גופא איז זעהר א טרויעריגער. צום שלוס האָט סנאודען פּאַרגעלעזען א צעטעל פון די מיטגליעדער פון פּאַרלאַמענט, וועלכע זיינען גלייכצייטיג טראָסט־אַקציאָנערען און וועלכע זיינען אלע מאָל פייער און פלאַם פאַר נייע בעוואָפנונגען. און ער האָט אָנגערופען פיעלע מיטגליעדער פון דער יוניאָניסטישער גרופּע אויסער דעם פּאַרלאַמענט, וועלכע זיינען אָנגעשטאָפּט מיט אַקציעס פון די קאַנאָנען־ און שיף־בוי־פאַבריקען; פיעלע העבערע פאָרשטעהער פון דער קירכע, וועלכע ציהען הכנסה פון מלחמה־טראָסט. אזוי האָט דער מיטגליעדער פון ראַט פון די פרייע קירכען אין יארקשיר, סער קאַמפּטאַן ריקעט, 3.200 אַקציעס פון דזשאהן בראַון און 2.100 אַקציעס פון קעמעל־לערד; איינער פון די וויכטיגסטע מיטגליעדער פון שעפילדער קירכען־ראַט איז אפילו א דירעקטאָר פון קעמעל־לערד א. ז. וו.

די לאָנדאָנער „טיימז“ דערצעהלט, אז ווען דער אַרבייטער דעפּוטאַט האָט געענדיגט זיין רעדע, האָט די מעהרהייט פון פּאַרלאַמענט איהם בעעהרט מיט בעגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטען, און אפילו דאָס פּובליקום פון די גאַלעריען האָט זיך, געגען דעם מנהג, אויך בעטייליגט אין דער אָוואַציע. עס איז קלאָר, אז די פּראָוואָקאַטאָרישע ראָלע פון מלחמה־טראָסט איז שוין מעהר קיין סוד ניט, אז פיעלע און פיעלע מיליאָנען אפילו פון די מעסיג־געשטימטע ענגלענדער האַלטען, אז דער טראָסט איז א שעדליכע אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט אין געפאַהר די נאַציאָן צוליעב דעם זינדיגען גראָשען, וואָס קאָרומפּירט די פּרעסע און דעם פּאַרלאַמענט. סנאודענ׳ס רעדע האָט ארויסגערופען א טומעל אין גאַנץ ענגלאַנד. די אַקציאָנערען פון די מיליטער־פאַבריקען זיינען ארומגעגאַנגען ווי די אבלים. מערקווירדיג, אויסער ענגלאַנד האָט די רעדע קיין אָנזעהן ניט געמאַכט.

(שלוס קומט)

לייב ניידוס

איך האָב געזעהן אין שלאָף א לאַנגזאַמע לויה,
וואָס האָט זיך שטיל בעוועגט אין שאָטען פון פאַרנאַכט;
און דיך האָב איך געזעהן, מיין איינציגע, מיין טרייע —
דו ביזט געשטאַנען שטום אין טרויעריגער פּראַכט...

דיין בליק האָט זיך געטונקט אין שוואַרצען טיול פון מטה,
און קיינער האָט געזעהן אין לאַנגער קייט פון קעפּ,
ווי ס׳פאַלט דיין טרער אראָפּ, א צוויטע און א דריטע,
און זאַפּט זיך איין אין נעץ פון דיין געדיכטען קרעפּ...

ס׳האָט וואו־ניט־וואו געצאַנקט אַן איינזאַמער לאַמטערן,
וואָס האָט אין אבענד־לופט א בלאַסען שיין געזיפּט,
און טרויעריג געקוקט פון הימעל האָבען שטערן,
ווי אויגען, וועלכע זיינען אין דעם טויט פערליעבט...

געעפּענט האָט זיך וואו א פענסטער אין א מויער,
א קאָפּ האָט זיך בעוויזען איילענדיג און גיך.
— ווער האָט די וועלט פערלאָזט? — האָט ער געפרעגט אין טרויער
און עמיץ פול מיטלייד האָט אָנגערופען מיך...

י. פּיראָזשניקאָוו

מאיר־בעער

(צו זיין 50סטען יאָהרצייט)

דאָס ברייטע פובליקום איז געוועהנליך וועניג בעקאַנט מיט די ביאָגראַפּיען פון מוזיקאַלישע קינסטלער. אָבער מאיר־בעער, אַלס איינער פון די גרעסטע אָפּעראַ־קאָמפּאָזיטאָרען אין דער וועלט, און יעדענפאַלס, דער גרעסטער ביי אידען, פערדיענט, אַז דאָס אידישע פובליקום זאָל וויסען וועגען זיין פערזענליכקייט, סיי גוטס, סיי שלעכטס, מעהר ווי עס וויים דאָס איצט. און צוליעב זיין איצטיגען יובל יאָהרצייט וויל איך דאָ אויפמערקזאַם מאַכען מיינע לעזער אויף די אַם מייסטען כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון זיין פּערזאָן, פון זיין לעבען און פון זיין מוזיקאַלישער טהעטיגקייט. געוויס, וועל איך זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין שטרענג־מוזיקאַלישע אָבשאַצונגען; איך וועל דאָ בעריהרען נור אַזעלכע איינצעלהייטען וועלכע קענען האָבען אַן אַלגעמיינעם אינטערעס.

מאיר־בעער איז געבאָרען געוואָרען אין 1791טען יאָהר. זיינע ביאָגראַפּער גיעבען געוועהנליך אָן אַלס זיין געבורטס־שטאָדט בערלין; אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. זיין איידעם, באַראָן קאָרף, בעהויפּטעט, אַז מאיר־בעער'ס מוטער האָט איהם דערצעהלט, דאָס זי האָט געבאָרען מאיר־בעער'ן אין א קארעטע אויפ'ן וועג ניט ווייט פון פראַנקפורט אם אָדער; און איהר מוז מען דאָך גלויבען.

די ערשטע אינטערעסאַנטע איינצעלהייט אין מאיר־בעער'ס לעבען בעשטעהט שוין אין דעם, וואָס זיין אמת'ער פאַמיליען־נאָמען איז גאָר ניט מאיר־בעער; ער הייסט איינפאַך „בעער" (יעקב ליבמאַן בעער). נור איינער פון זיינע קרובים, וואָס האָט געהייסען „מאיר", האָט איהם איבערגעלאָזען בצוואה א גרויסען קאַפּיטאַל, בתנאַי, ער זאָל צו זיין פאַמיליען־נאָמען צוגעבען דאָס וואָרט „מאיר". דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אויף דערויף איינגעשטימט, און אָט אויף אַזאַ אופן איז פון ב ע ע ר. געוואָרען מ א י ר ־ ב ע ע ר.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס זיינע צוויי ברידער זיינען געווען, יעדער אין זיין פאַך, ניט וועניגער בעריהמט, ווי ער. איינער פון זיי, מיכאַיל בעער, איז געווען א גרויסער דראַמאַטורג; זיין בעוואוסטע דראַמאַ פונ'ם אידישען לעבען מיט'ן נאָמען „דער פּאַריאַ" האָט ארויסגערופען די בעוואונדערונג פון געטהע. דער צווייטער ברודער, ווילהעלם בעער, איז געווען א בעריהמטער אַסטראָנאָם; ער האָט דער ערשטער פערפערטיגט א פאָלקאָמענע מאַפּע פון דער לבנה און האָט פאַר דיעזער ארבייט בעקומען דעם ערשטען פּרייז פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע.

זיין פאָטער איז געווען א רייכער באַנקיר, זיין מוטער איז געווען א העכסט געבילדעטע און אויך א מוזיקאַלישע פרוי. ביי זיי אין הויז פלעגען זיך פערזאַמלען די גרעסטע פאָרשטעהער פון ליטעראַטור, וויסענשאַפט און קונסט, און אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך ערצויגען אין א העכסט גינסטיגער אַטמאָספערע. אַלץ, פאַר וואָס פיעלע אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרען האָבען געדאַרפט ביטער קעמפּפען, איז איהם אָנגעקומען לייכט; פאַר איהם איז אַלץ געווען צוגעגרייט אין לעבען, נור קום און נעהם. אָבער מען מוז אויך צוגעבען, אַז ער האָט אַלע זיינע גינסטיגע געלעגענהייטען גלענצענד אויסגענוצט. ער האָט געקענט פיעלע שפּראַכען (צווישען זיי אויך העברעאיש), ער איז געווען זעהר בעלעזען און פיעלזייטיג געבילדעט, אַזוי, אַז אין דיזער הינזיכט איז ער געווען א זעלטענע אויסנאַהמע אין דער מוזיקאַלישער וועלט, וואו, געוועהנליך, מענשען זיינען איינזייטיג און בעגנוגענען זיך בלויז מיט דער ספּעציעלער קענטנים פון זייער פאַך. און דאָס אַלץ האָט איהם זעהר פיעל געהאָלפען אין זיין קינפטיגער מוזיקאַלישער קאַריערע.

אָבער ביי אַלע זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען, איז דאָך געווען צו זעהן, אַז זיין הויפּט ספערע איז מוזיק: אין איהר האָט ער געלעבט מיט אַלע זיינע חושים. ער איז געווען אין מוזיק א וואונדער־קינד. צום זיעבעטען יאָהר האָט ער שוין עפענטליך געשפּיעלט דעם דערמאָל קאָנצערט פון מאָצאַרט. די טהעאָריע פון קאָמפּאָזיציאָן האָט ער געלערנט ביים גרעסטען אויטאָריטעט פון יענער צייט ,דאָס איז געווען דער בעוואוסטער גלח פאָגלער פון דאַרמשטאַט. דיזער גלח איז אויך געווען דער לעהרער פון מענדעלזאָהן און וועבער. צו 14 יאָהר איז



מאיר־בעער (געב. 1791 — געשט. 1864).

מאיר־בעער געווען שוין פאַרטיג מיט'ן גאַנצען קורס פון קאָמפּאָזיציאָן. ער פלעגט קאָמפּאָניערען אונערמידליך און אומעטום: ער פלעגט קאָמפּאָניערען געהענדיג אין גאַס, שפּאַצירענדיג אין פּאַרק, פאָהרענדיג אין וועג. אַם ליעבסטען פלעגט ער שרייבען זיינע קאָמפּאָזיציאָנען אין דער צייט, ווען עס פלעגט געהן א גוס־רעגען, אָדער ווען עס פלעגט זיין א שטורם וועטער, און דיזע אייגענאַרטיגע געוועהנהייט איז ביי איהם געבליבען אויפ'ן גאַנצען לעבען. איינמאָל, שוין אין זיינע מיטעלע יאָהרען, איז צו איהם געקומען אין אַזאַ שטורם־וועטער איינער פון זיינע פריינד; איהם האָט געעפענט די טהיר מאיר־בעער'ס אינגערער זוהן, א אינגעל פון א יאָהר צעהן.

— קען איך זעהען פּאַפּאַ? — האָט געפרעגט דער גאַסט.

— ניין, מיין הערר — האָט געענטפערט דער אינגעל — אין אַזאַ וועטער קען מען קיינמאָל פּאַפּאַ ניט זעהען, פּאַפּאַ ערשיינט נור מיט דער זון.

וועגען זיין ליידענשאַפטליכע בעציהונג צו מוזיק האָט היינע געזאָגט דעם בעריהמטען וויטץ, אַז ווען עס וועט קומען צו תחית המתים און דער מלאך, וואָס רופט אויס וועגען דעם, וועט נעהמען, חלילה, מיט'ן טראָמפּייט א פאַלשען טאָן, וועט מאיר־בעער געוויס ניט אויפשטעהן...

אָבער דאָך, די קאַפּריזען פון מזל איז שווער צו פערשטעהן. ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע געניאַלע פעהיגקייטען, זיין בילדונג, רייכטום און פערבינדונגען, האָבען זיינע ערשטע ווערק קיין בייפאַל ניט געהאַט. ער האָט די ערשטע צייט זעהר פיעל קאָמפּאָניערט פאַר פּיאַנאָ, און אַלץ, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריעבען, איז געבליבען נאָך ביז איצט ניט געדרוקט. איז דאָס ניט וואונדערבאַר? מיר ווייסען גאַנץ גוט, וועלכע שונד־קאָמפּאָזיציאָנען פון טאַלאַנטלאָזע כלי־זמר עס ווערען היינט געדרוקט יעדען טאָג אין די טויזענדער עקזעמפּליאַרען, און די ערשטע יוגענדליכע ווערק פון אַזאַ מוזיקאַלישען ריעז, ווי מאיר־בעער, האָבען ביז היינטיגען טאָג קיינעם ניט פעראינטערעסירט ארויסצוגעבען זיי, אָבער ליידער, די מאָדע הערשט אין קונסט, פונקט אַזוי ווי זי הערישט אין שניידעריי, און ביי דער מאָדע פרעגט מען קיין קשיות ניט.

אין 1813 (ער איז דעמאָלט געווען 22 יאָהר אַלט) האָט מען אין וויען צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט זיין ערשטע אָפּערא: „יפתח'ס טאָכטער". ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע גרויסע גייסטיגע און מאַטעריעלע מיטלען

צו גאַראַנטירען איהר ערפאָלג; אָבער, ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלץ, האָט זי קיין ערפאָלג ניט געהאַט. גלייך נאָך דעם האָט ער אָנגעשריעבען זיין צווייטע אָפּעראַ „אבימלך“, אָבער די רעזולטאַטען זיינען געווען דיזעלבע. זיין יוגענדליכע אמביציאָן האָט שרעקליך געליטען, און ער האָט טיעף אין האַרצען אָנגעפאַנגען צו צווייפלען אין זיינע קרעפטען.

אין יענער צייט האָט אין וויען געשפּיעלט זעהר א גרויסע ראָלע דער בעריהמטער פּיאַנאָ־ווירטואָז הומעל. מאַיר־בעער, אַלס פּראַכטפאָלער פּיאַניסט, האָט זיך אָן איהם מתקנא געווען. ער האָט אויף א צייט אויפגעהערט צו קאָמפּאָנירען, און האָט זיך גענומען צום פּיאַנאָ, מיט'ן אַמביציעזען אבזיכט איבערצושטייגען דעם ערפאָלג פון הומעל. דאָס מאָל האָט עס איהם געלונגען, און אין א קורצע צייט האָט מען אין וויען כמעט אין גאַנצען פערגעסען הומעל'ן און מען האָט אומעטום געהאַלטען אין איין רעדען נור פון מאַיר־בעער'ן, אַלס דעם גרעסטען פּיאַנאָ־קינסטלער. אָבער דיזער ערפאָלג האָט איהם ניט אויף לאַנג צופריעדענגעשטעלט, און ער האָט זיך ווידער גענומען צו קאָמפּאָזיציאָן.

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דעם צו־פיעל לעבעדיגען און עמפּפינדליכען מאַיר־בעער'ן אין זיין אייגענער היימאַט, צווישען די טרוקענע און פּעדאַנטישע דייטשען. גליקליכערווייזע האָט ער געפאָלגט דעם ראַטה פון דעם בעוואוסטען קאָמפּאָזיטאָר סאַליערי, און איז אוועקגעפאָהרען אין איטאַליען, כדי, ווי סאַליערי האָט געזאָגט, „אויפצומונטערען זיין יונגפער־מוזע מיט א הייסען איטאַליענישען קוס“.

אין דער איטאַליענישער מוזיקאַלישער וועלט האָט דעמאָלט געהערשט ראָסיני, און אַלץ וואָס מאַיר־בעער האָט דאָרט פון איהם געזעהען און געהערט, האָט אויף איהם געמאַכט אזא שטאַרקען איינדרוק, דאָס ער האָט אָנגעפאַנגען צו פיהלען און צו שאַפען אין דעמזעלבען גייסט. „דאָס טהו איך — פלעגט ער זאָגען — ניט אַלס נאָכמאַכונג, נור ווייל איך פיהל מיך דאָ ווירקליך ווי אן אמת'ער איטאַליענער“.

אין איטאַליען האָט ער אָנגעשריעבען זעקס ערפאָלגרייכע אָפּערען. פון זיי אַלע האָט דעם גרעסטען ערפאָלג געהאַט די אָפּעראַ „איל קראָטשיאַטאָ“, וועלכע האָט אין א קורצע צייט דורכגעוואַנדערט אַלע גרעסטע שטעדט אין אייראָפּאַ. אין 1826 איז זי אויפגעפיהרט געוואָרען אונטער מאַיר־בעער'ס פּערזענליכער לייטונג אין פּאַריז, וואו זי האָט איהם געמאַכט א גרויסען נאָמען.

נור ווי גרויס עס איז געווען דער ערפאָלג פון דיזער אָפּעראַ, איז ער אַלץ געווען ניט גענוג גרויס צו בעפריעדיגען די ריעזיגע אַמביציאָן פון מאַיר־בעער. ער האָט זיך ארומגעזעהען, אז פון אַלע אויסערליכע מיטלען, וואָס ער האָט געברויכט צו בעשיינען זיינע אָפּערען, האָט ער פערנאַכלעסיגט איינעם, און עס קען זיין דעם וויכטיגסטען, נעמליך, דעם טעקסט פון די ליברעטאָס. ער האָט אָנגעפאַנגען צו בעגרייפען, אז אין דעם שיקזאַל פון אן אָפּעראַ, ווי גוט די מוזיק זאָל זיין, קען א גוטע ליברעטאָ שפּיעלען א אונגעהויער גרויסע ראָלע. צו דיזען צוועק האָט ער זיך פעראייניגט מיט'ן בעריהמטען פראַנצויזישען דראַמאַטורג, סקריב, און האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען אָפּעראַס מיט א היסטאָרישען אינהאַלט אויף ליברעטאָס, וועלכע סקריב פלעגט פערפאַסען. פון דעם מאָמענט פאַנגט זיך אָן די גלענצענדסטע עפּאָכע פון מאַיר־בעער'ס מוזיקאַלישער טהעטיגקייט. ער האָט זיך בעזעצט אין פּאַריז אויף אימער און האָט גערעכענט פראַנקרייך פאַר זיין צווייטען פאָטערלאַנד. פונקט אזוי, ווי ער האָט זיך אין איטאַליען געפיהלט, ווי אן אמת'ער איטאַליענער, האָט ער זיך אין פּאַריז געפיהלט, ווי אן אמת'יזר פראַנצויז. אונטער דעם פראַנצויזישען איינפלוס האָבען זיך ביי איהם אויסגעאַרבייט די אויסערליכע פאָרמען און די ריטמישע זייט פון זיינע אָפּערען.

ווען מען זאָל וועלען געבען א קורצע כאַראַקטעריסטיק פון מאַיר־בעער'ס מוזיקאַלישער פיזיאָנאָמיע, וואָלט מען בעדאַרפט זאָגען, אז אין זיינע האַרמאָנישע קאָמבינאַציאָנען איז ער א דייטש, אין זיינע מעלאָדישע מאָטיוועו איז ער אן איטאַליענער און אין זיינע ריטמישע פאָרמען איז ע־ א פראַנצויז. ער איז געווען, ווי מיר זעהען, א מין עקלעקטיקער אין דער מוזיק.

די ערשטע פראַנצויזישע אָפּעראַ, וואָס מאַיר־בעער האָט אָנגעשריעבען אויף סקריב'ס ליברעטאָ, איז געווען „ראָבערט דער טייפעל“. ער האָט איהר אויפגעפיהרט אין פּאַריז, אין 1831טען יאָהר. איהר שטורמישער ערפאָלג האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון דער מוזיקאַלישער קונסט. עס האָט מיט איהר געקאָכט אין דער גאַנצער וועלט אין פערלויף פון איניגע יאָהר, ביז עס איז ערשיענען זיין צווייטע פראַנצויזישע אָפּעראַ „די הוגענאָטען“, וועלכע האָט געהאַט נאָך א גרעסערען ערפאָלג. ער האָט זי צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט אין פּאַריז, אין 1836טען יאָהר.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, דאָס דער שטאָלצער און זעלבסטפערטרויטער מאַיר־בעער האָט די גאַנצע צייט מורא געהאַט, אז „די הוגענאָטען“ וועלען האָבען א דורכפאַל, און נאָך די לעצטע נאַכט פאַר דעם פאָרשטעלונג, האָט ער געמאַכט גרויסע ענדערונגען אין דעם 4טען

אַקט און האָט אָנגעשריבען פאַר איהם א נייעם דועט, וואָס האָט זיך ווירקליך ארויסגעוויזען אלס דער שטאַרקסטער נומער פון דער אָפּערא.

וועגען דיזער אָפּערא האָט היינע געזאָגט דעם בעריהמטען וויטץ, אז דאָס אינטערעסאַנטסטע אין איהר איז דאָס: ווען קאַטאָליקען שלאָגען פּראָטעסטאַנטען, קומט א איד און מאַכט צו דעם מוזיק.

גלייך נאָכדעם, ווי מאיר־בעער האָט אויפגעפיהרט די „הוגענאָטען" אין בערלין, האָט איהם דער פּרייסישער קעניג, פריעדריך־ווילהעלם דער 4טער, בעעהרט מיט דעם טיטול גענעראַל מוזיק־דירעקטאָר מיט א יעהרליכען געהאַלט פון 3000 דאלאר. מאיר־בעער האָט מיט פערגניגען אָנגענומען דעם טיטול, אָבער דאָס געהאַלט האָט ער אוועקגעשענקט די מיטגליעדער פון דעם אָרקעסטער, וואָס האָבען געשפּיעלט די אָפּערא. אין יענער צייט איז ער געווען ביים קעניג א גאַנצער בן־בית און די פּרינצעסינס פלעגען איהם פערגעטערען.

אויסער דיזע צוויי אָפּערען, האָט ער אין פראַנקרייך אָנגעשריבען נאָך דריי גרויסע אָפּערען, וואָס האָבען געהאַט דעם זעלבען שטורמישען ערפאָלג, נעמליך: „דער פּראָפעט", „דינאָרא" און „די אַפריקאַנערין", און דיזע פינף אָפּערען זיינען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געשאַפען.

זיין בייפאַל ביי פרויען איז געווען אונגעהויער. ער פלעגט אלע טאָג בעקומען בריוועלאַך מיט ליעבעס ערקלערונגען; נור ער פלעגט זיין זעהר פאַרזיכטיג און פלעגט זיך ניט לאָזען אריינשלעפּען אין ראָמאַנטישע אינטריגען. דאָך, האָט מען איהם אייניגע מאָל אויפגעפאָדערט אויף א דועל; נור ער האָט געהאַט צו וועניג חשק צו שלאָגען זיך אויף ראַפּירען, און עס פלעגט איהם אלע מאָל געלינגען אין א דיפּלאָמאַטישער וועזע דאָס אויסצומיידען.

א אינטערעסאַנטע זאַך האָט מיט איהם פּאַסירט אין איטאַליען. די פּרימאַדאָנאַ פון דעם טהעאַטער, וואו מען האָט געדאַרפט שפּיעלען זיין אָפּערא, האָט אָנגעפאַנגען צו מאַכען איהם חנ'דלעך. איהר אבזיכט איז געווען זעהר ערנסט, זי האָט געוואָלט, אז ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען. מאיר־בעער האָט זיך אָבגעזאָגט. נור אזוי ווי דיזע פּרימאַדאָנאַ איז געווען דאַרט אַלמעכטיג, און אלע האָבען פאַר איהר געציטערט, האָט זי איהם אָבגעטהאָן א בייזען שפּיצעל. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון זיין אָפּערא, ווען מאיר־בעער האָט זיך געזעצט אויף זיין דיריגענט־שטוהל און אָנגעפאַנגען דיריגירען, האָט דער אָרקעסטער גענומען שפּיעלען, ווי מען זאָגט, אין בוויבעריק: איינצעלנע אינסטרומענטען פלעגען ארויסטרעטען ניט דאַמאָלט, ווען מען דאַרף; אין דער צייט פון אלגעמיינעם שטילשטאַנד פלעגט מיט א מאָל ארויסשפּרינגען א דונער־קלאַפּ פון דעם פויק, אָדער א לייבען־גרילץ פון א טראָמבאָן א. ד. גל. דער סקאַנדאַל איז געווען זעהר גרויס; מאיר־בעער האָט גלייך פערשטאַנען, אז דאָס איז א סטרייק, און האָט געמוזט אָבשטעלען די פאָרשטעלונג. — דאָס איז געווען די ראַכע פון א פערלעצטער אמביציאָן פון א פרוי.

ער האָט אין גיכען נאָכדעם חתונה געהאַט מיט זיינער א קוזינע, און נאָך דעם איז ער איינמאָל פאַר אלע מאָל פּטור געוואָרען פון אלע ראָמאַנטיישע אינטריגען.

די אויסשטאַטונג פון זיינע אָפּערען איז געווען וואונדערבאַר. ער פלעגט דאָס אלין מאַכען אויף זיין אייגענעם רעכענונג. יעדע אָפּערא פלעגט איהם אָבקאָסטען אן אייגענס. ער איז געווען זעהר א גרויסער מקפּיד אויף יעדער קליינינקייט, און פלעגט פלאַנמעסיג זאָרגען בעצייטענס וועגען אלץ, וואָס קען העלפען דעם ערפאָלג פון דער אָפּערא. ער איז געווען ניט נור א גלענצענדער קאָמפּאָניסט, נור אויך א פּראַכטפאָלער מענעדזשער. ער איז געווען אין דיזער הינזיכט א גרויסער דיפּלאָמאַט: ער פלעגט וויסען ווען מען דאַרף מאַכען א וויזיט, וועמען שיקען א קאַרטעל, וועמען זאָגען א גוט וואָרט, שענקען א שמייכעל א. ד. גל. פאַר דיזער דיפּלאָמאַטיע פלעגט איהם היינע רופען „סיניאָר דזשאַקאָמאָ מאַקיאַוועללי", און פלעגט זאָגען, אז מאיר־בעער דיריגירט קונציג ניט נור דעם אָרקעסטער, נור אויך זיין אייגענעם ערפאָלג.

עס איז ווערט צו דערמאָהנען דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען שטריך אין מאיר־בעער'ס כאַראַקטער: כל זמן עס פלעגען געהן די רעפּעטיציאָנען פון א וואָסער־עס־איז אָפּערא, פלעגט ער ביי יעדען איינעם, ווער עס זאָל ניט זיין דערביי, פרעגען זיין מיינונג, און פלעגט זיך מיט דעם רעכענען. ער פלעגט ניט דורכלאָזען אפילו דעם פייערמאַן, אָדער זיין אייגענעם דיענער. אָבער ווי נור די אָפּערא איז שוין דורכגעגאַנגען און געהאַט ערפאָלג, פלעגט ער שוין דעמאָלט קיינעמס מיינונג ניט אָננעהמען, מעג זיין ווער עס וויל.

ער פלעגט זעהר ליעב האָבען צו בעגלייטען אויפ'ן פּיאַנאָ זינגער אָדער אנדערע סאָליסטען. זיין בעגלייטונג איז גראָדע געווען ניט גלענצענד, נור ער איז געווען אין דיזער הינזיכט אזוי איינגערעדט אין זיך, אז ער פלעגט זאָגען: „איך ווייס ניט, אויב איך בין א גוטער קאָמפּאָזיטאָר, אָבער דאָס בין איך זיכער, אז קיין בעסערען בעגלייטער אויף דעם פּיאַנאָ, ווי איך בין, וועט איהר ערגעץ ניט געפינען".

ער האָט געהאַט עהרען־טיטלען און אָר־

־ענס פון אַלע הערשענדע מאָנאַרכען פון אייראָפּאַ. דער אוניווערזיטעט פון יענאַ האָט איהם בעעהרט מיט דעם טיטול „דאָקטאָר פון מוזיק“, און ער פּלעגט זעהר שטאָלצירען מיט דעם. פון נאַפּאָלעאָן דעם 3טען האָט ער בעקומען דעם אָרדען פון׳ם פראַנצויזישען „עהרען־לעגיאָן“. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו טראָגען א מונדיר, אָן אויסגענעהטען מיט גאָלד, און א שפּאַגע. און ווען עס פלעגט איהם אויסקומען אָנצוטהאָן דעם מונדיר, פלעגט ער ליעב האָבען צו שפּיעלען זיך מיט דער שפּאַגע, ווי א קינד.

שונאים האָט ער געהאַט מעהר, ווי ווער־עס־איז פון זיינע חברים־קאָמפּאָזיטאָרען, און יעדענפאַלס, מעהר ווי ער האָט פערדיענט, וואָרים סוף כל סוף איז ער געווען ניט קיין שלעכטער מענש. די מוזיקער פון אָרקעסטער און די זינגער, מיט וועלכע ער פלעגט האָבען צו טהאָן, פלעגען איהם זעהר ליעב האָבען. ער פלעגט טהאָן פיעל גוטעס אפילו זיינע געגנער; אָבער זיין הויפּט־שולד געגען זיינע חברים איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס ער האָט געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג פון זיי אַלעמען, און וואו ערפאָלג, דאָרט איז קנאה, און וואו קנאה, דאָרט איז שנאה.

אמת, אַלס מענש, איז ער ניט געווען קיין אידעאַל; אָבער וועגען איהם קען מען אויך זאָגען דאָסזעלבע, וואָס לעסינג האָט געזאָגט וועגען לאַפאָנטיער: „די נאַטור איז געווען ניט שפּאָרזאַם, ווען זי האָט פון איהם געמאַכט נור איינאיינציגען מענשען, וואָרים עס איז אין איהם געווען גענוג מאַטעריאַל צו שאַפען פון איהם צוויי: איינעם א גוטען און איינעם א שלעכטען...“ און ווירקליך, ביי אַלע זיינע גרויסע מעלות, האָט ער אָבער אויך געהאַט גרויסע חסרונות. דער גרעסטער פון זיי איז דאָס, וואָס ער איז געווען א קאַריעריסט, און ער פלעגט געהן צו זיין ערפאָלג ניט אַלע מאָל מיט גוטע וועגען. שוין אָנפאַנגענדיג פון דעם, וואָס ער האָט זיך ערלויבט צוליעב געלד איבערבייטען זיין נאָמען, בעת זיינע בעריהמטע ברידער זיינען געבליבען ביי זייער אמת׳ן נאָמען „בעער“. אָדער צ. ב. ש., ער פלעגט זיך ערלויבען צו דינגען פאַר געלד הונדערטע „קלאַקערס“, וואָס פלעגען אַפּלאָדירען זיינע אָפּערען. דאָס איז נאָך וועניג: ער פלעגט זיך אויך ערלויבען צו דינגען פאַר געלד גאַנצע מחנות „געגנער“, וואָס פלעגען גענעצען הויך אויפ׳ן קול אין דער צייט, ווען עס פלעגט געהן א וואָסער־עס־איז אָפּעראַ פון ראָסיני, און אין דערזעלבער צייט, פלעגט ער איהם שרייבען בריעף, אין וועלכע ער פלעגט איהם רופען „אונשטערבליכער מאַעסטראָ“. דאָך, דאַרף מען געדיינקען, אז דאָס רוב פון זיינע שונאים האָבען געהאַט דיזעלבע חסרונות. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט אפילו א העלפט פון זיינע מעלות. זיין גרעסטער שונא איז געווען וואַגנער, וועמען ער האָט געטהאָן פיעל גוטס; אָבער דאָס איז קיין חידוש ניט: אויף דערויף איז ער געווען אַן אַנטיסעמיט. אָבער, וואָס עס איז יאָ א חידוש, איז דאָס, וואָס צווישען זיינע שונאים איז אויך געווען פעליקס מענדעלזאָהן־באַרטאָלדי.

דער מענשליכער גייסט, אין אַלגעמיין, איז א רעטענים. עס איז ריכטיג וואונדערבאַר: מאיר־בעער איז געווען, לויט זיין געבורט, א איד, לויט זיין פאַטערלאַנד און ערציהונג — א דייטש, און לויט זיין מוזיקאַלישען געשמאַק (ווי ער האָט אַליין א לאַנגע צייט זיך גערעכענט) — א איטאַליענער. און אָט דעמזעלבען מאיר־בעער׳ן איז באַשערט געווען צו ווערען אונשטערבליך נור אין זיינע שעפּפונגען, וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען פון איהם אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער קולטור. ער האָט פאַר זיין גאַנצען לעבען אָנגעשריעבען צוואַנציג אָפּערען. 15 פון זיי זיינען געווען, לויט זייער אינהאַלט, אידישע, דייטשע און איטאַליענישע, און זיינען פערפאַסט געוואָרען אין דייטשלאַנד און איטאַליען אין דעם גייסט פון דיזע לענדער. אָט די אַלע 15 אָפּערען זיינען איצט אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען. לעבען זיינען געבליבען נור די 5 אָפּערען, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען אונטער דעם איינפלוס פון זיין „צווייטען פאַטערלאַנד“, פראַנקרייך.

העכסט אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, דאָס די לעצטע פון די דיזע 5 אָפּערען, נעמליך, „די אַפריקאַנערין“ האָט איהם ניט געלונגען אויפצופיהרען ביים לעבען, ווייל ער האָט פאַר איהר ערגעץ ניט געקענט געפינען קיין פּאַסענדע זינגער, ווי איהם האָט זיך געוואָלט. זי איז אויפגעפיהרט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין א יאָהר ארום נאָך זיין טויט, און האָט געמאַכט די גרעסטע סענסאַציאָן. ער האָט געשריעבען אין זיין צוואה, אז ער לאָזט איבער דיזע אָפּעראַ אַלס א מתנה זיין „צווייטען פאַטערלאַנד“.

דער גרעסטער פון אַלע וואונדער אין מאיר־בעער׳ס קאַריערע בעשטעהט אין דעם, דאָס די פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט, די פּרעסע, וועלכע האַלט געוועהנליך אין איהר האַנד די שליסעל פון יעדען ערפאָלג; די פּרעסע, וועלכע איז אימשטאַנד פאַנאַנדערצובלאָזען א „גאָרנישט“ צו דער שטופע פון א וויכטיגער פּערזענליכקייט, און וועלכע האָט אויך שוין ניט איין גרויסען טאַלאַנט בעגראָבען לעבעדיגערהייד — אָט די אַלמעכטיגע פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט, האָט פערפאָלגט מאיר־בעער׳ן זיין גאַנצען לעבען; זי האָט אויף איהם געגאָסען פעך און שוועבעל פון אַלע זייטען. אָבער, טראָץ דעם, האָט זיין ריעזען־

זשעניע דורכגעשלאָגען זיך דורך אַלע איהרע אַטאַקעס, און האָט געפונען זיין וועג צו מענשליכע הערצער. דאָס איז געווען דער קאַמפּף פון דוד מיט גלית הפלישתי, און דוד האָט געזיגט.

פופציג יאָהר זיינען דורכגעגאַנגען זינט מאיר־בעער איז געשטאָרבען (אין 1864טען יאָהר). פאַר דיזער צייט זיינען פאָרגעקומען אונגעהויער גרויסע ענדערונגען אין די מענשליכע אידעען וועגען ליטעראַטור און קונסט; די אַלמעכטיגע מאָדע האָט פאַר דער צייט מעהר ווי פופציג מאָל געענדערט דעם מענשליכען געשמאַק; אָבער נאָך ביז היינטיגען טאָג זיינען מאיר־בעער'ס פינף אויבענדערמאָהנטע אָפּערען די ליעבלינגס־פיעסען אין דעם אָפּערען־רעפּערטואַר פון דער גאַנצער וועלט, און מאיר־בעער'ס נאָמען ווערט פון אַלע מוזיקליעבהאָבער דערמאָהנט מיט גרויס יראת הכבוד. מען פערגעסט צו וואָסער נאַציאָן, רעליגיאָן אָדער פּאַרטיי ער האָט בעלאַנגט; מען געדענקט נור דעם מוזיקאַלישען זשעניע, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „מאיר בעער“.

ער איז געשטאָרבען אין פּאַריז, נור ער האָט געהייסען אין זיין צוואה, אז מען זאָל איהם איבערפיהרען בעערדיגען אין בערלין. אין'ם הויז, וואו ער איז געשטאָרבען, איז איצט א גרויסער בעריהמטער האָטעל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „האָטעל דע מאיר־בעער“. און ניט פיעל אזעלכע לויות האָט פּאַריז געזעהען. די גרעסטע מענער פון יענער צייט האָבען אנטייל גענומען אין מאיר־בעער'ס לויה און אויסגעדריקט זייער טרויער. צווישען די פיעלע רעדנער, וואָס האָבען איהם מספיד געווען, האָט אויך גערעדט דער בעריהמטסטער פראַנצויזישער שטאַאטס־מאַן, עמיל אָליוויע. ער האָט פערענדיגט זיין רעדע מיט די פאָלגענדע ווערטער: „קליינליכע מאַטעריעלע אינטערעסען צושיידען מענשען און פעלקער, אָבער די אַכטונג צו א גרויסען זשעניע, צו א גרויסען קינסטלער, פעראייניגט זיי“.

און באמת, דאַרף מען זאָגען, אז גייסטיג אָרעם איז די קונסט, וואָס איז ניט אימשטאַנד צו פעראייניגען מענשען, און גייסטיג אָרעם זיינען די מענשען, וועלכע קונסט איז ניט אימשטאַנד צו פעראייניגען.

לייוויק האַלפּערן

ליעדער

.1

געה איך זיך אין מיטען נאַכט,
דרעה זיך צווישען מויערען —
ניט איך זוך און ניט איך טראַכט,
וויל קיין זאַך בעדויערען.

גאַסען איין און גאַסען אויס,
וויפיעל, וועלכע אַרט מיך ניט —
ניט איך געה צו וועמענ'ס הויז,
קיינער אויך ערוואַרט מיך ניט.

דאָ — א טויער, דאָ — א שוועל,
ווייטער, ווייטער געה איך זיך,
אַלץ ארום מיין אייגען זעעל,
אין חלומות דרעה איך זיך.

* * *

.2

איך בוי זיך בנינים —
פערניכטע זיי שנעל:
און ווילד האָט פון חורבן
הנאה מיין זעעל.

אין אָנפאַנג פון בויען
בין איך ווי א קינד;
צום סוף — א מחבל,
א שטורעמ'דיג ווינד.

עס מעג זיין דער בנין
די שעהנהייט אליין —
אָהן מורא צוטראָג איך
א שטיין נאָך א שטיין.

איך דאַרף ניט קיין טעמפּלען
צו רוהען אין זיי;
איך דאַרף נור מיין בוי־ליעד,
מיין חורבן־געשריי.

אזוי וועל איך שפּיעלען
מיט פרייד און געוויין —
ביז זעלבסט מיר וועט טרעפען
אין מוח א שטיין...

ב. גאָרין

די ערשטע אידישע קאָמעדי

(צו דער געשיכטע פון אידישען טהעאַטער)

Copyright by B. Gorin, 1914.

די ערשטע מאָדערנע קאָמעדיע איז שוין אַלט 116 יאָהר.—דער דרייפאַכיגער צוועק פון דעם פערפאַסער.—פאַרוואָס איינער פון די וויכטיגסטע פערפאַסער פון ביאור און רעדאַקטאָר פון „מאסף“ האָט געשריעבען אין אידיש.—פאַרוואָס דער פאָרזיכטיגער פאָרשער שטיינשניידער האָט די פיעסע פערמישט מיט א צווייטע.—דער אינהאַלט פון דער קאָמעדיע.—די גרויסע מיה פון דעם מחבר איבערצוגעבען די לאָקאַלע אויסשפּראך, וואָס מען זעהט ניט ביי קיינע פון די אַנדערע שפּעטערע דראַמאַטורגען.—דער שליסעל צו דייטשמעריש אויף דער אידישער ביהנע.—פאַרוואָס די קאָמעדיע האָט ניט געפונען קיין נאַכאַהמערס אין דייטשלאַנד.

די ערשטע אידישע קאָמעדיע איז געדרוקט געוואָרען מיט הונדערט און צוואַנציג יאָהר צוריק, דאָס הייסט מיט א האַלבען הונדערט יאָהר איידער אברהם גאָלדפאַדען איז געבאָרען געוואָרען.

דער פערפאַסער פון דער דאָזיגער קאָמעדיע איז איינער פון די בעריהמטעסטע מחברים פון ביאור און רעדאַקטאָר פון דעם ניט וועניגער בעריהמטען זשורנאַל „מאסף“, אהרן האַללע, אָדער, ווי ער איז בעסער בעוואוסט אונטער'ן נאָמען, וואָלפסזאָן.

פון אַלע קעמפּפער פאַר השכלה איז וואָלפסזאָן געוועזען דער ביטערסטער, דער פערביסענסטער. ער איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט'ן געדאַנק, אז די השכלה איז די איינציגע, וואָס האָט בכח אָבצואווישען פון דער ערד די אומזיסטע שנאה צו אידען, און ער האָט אין דער השכלה געזעהן די איינציגע רעטונג פאַר'ן אידען. און גלויבענדיג, אז ער האָט די אמת'ע רפואה צו דעם אידענ'ס מכה האָט ער מיט זיין גאַנצען ווילען און קראַפט גענומען זיך איינצוגעבען דעם אידישען פאָלק זיין רפואה און ער האָט ניט געקוקט, צי ער פערשאַפט דערמיט וועהטאָג, יסורים. יעדע אָפּעראַציע טהוט וועה, און וואָס גיכער מען מאַכט איהר, אַלץ נעהענטער איז די האָפנונג געזונד צו ווערען.

וואָלפסזאָן איז געוועזען פון די ערשטע נאָך משה מענדעלזאָהן, וואָס האָט זיך גענומען צום איבערזעצען די הייליגע שריפטען אין ריינעם דייטש. ער איז געוועזען צווישען די, וואָס האָבען איבערזעצט און געשריבען דעם ביאור צו די מגלות: רות, איכה, אסתר, און ער האָט אויך געהאָלפען אין דעם ביאור אויף שיר השירים. נאָכדעם האָט ער איבערזעצט מלכים א'' און מלכים ב'', איוב און נאָך אַנדערע ספרים. ער האָט אויך אָנגעשריעבען „אבטליון“, וואָס בעשטעהט פון קורצע ערצעהלונגען פון חומש אין א לייכט־העברעאישער שפּראַך, ווי אויך משלים, וואָס האָבען געדאַרפט דיענען אַלס העברעאישע כרעסטאָמאַטיע פאַר קינדער. ער האָט אויך אָנגעשריעבען אין דייטש דאָס ווערק „ישרון“ אָדער „אונפּאַרטייאישע בעלייכטונג דער דעם יודענטומע נייערדינגס געמאַכטען פאָרווירפע“.

וואָלפסזאָן איז געוועזען אָבער־לעהרער און אינספּעקטאָר אין דער קעניגליכער ווילהעלם שולע אין ברעסלוי און זיין גאַנצע טהעטיגקייט אטהעמט מיט השכלה און עס ווילט זיך כמעט ניט גלויבען, אז אזאַ וויכטיגער זייל פון מענדעלזאָהנ'ס קרייז זאָל זיין דער ערשטער אויפ'ן פעלד פון אידישע קאָמעדיע.

נור דאָס איז א פאַקט. און די איינציגע ערקלערונג וואָס מיר קענען דערצו געבען איז, אז זיין קאַמפּס־לוסט איז געוועזען אזוי גרויס, אז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן יעדער וואַפּע, און די שפּראַך פון פאָלק האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו צוקומען צום סאַמע פאָלק, אריינצוטראָגען דעם קאַמפּף פאַר השכלה אין די ברייטע מאַסען.

די דאָזיגע קאָמעדיע האָט געדאַרפט זיין דער גרונד־שטיין פון דער אידישער מאָדערנער דראַמע און געדאַרפט מאַכען א נייע עפּאָכע. די פּורים־שפּיעלם האָבען געהאַט א היסטאָרישען כאַראַקטער און האָבען מיט'ן מאָדערנעם לעבען קיין שייכות ניט געהאַט. דערצו זיינען זיי ניט געוועזען געבויט דראַמענסמעסיג. וואָלפסזאָן האָט דער ערשטער געוויזען, ווי צו נעהמען שטאָף פון דעם מאָדערנעם לעבען און ווי צו בויען א דראַמע אויף א מעהר אָדער וועניגער

מאָדערנעם אופן. זיין גרויסער נאָמען, זיין אויטאָריטעט איז געווען גענוג ארויסצורופען א טהעטיגקייט אויף דעם דראַמאַטישען פעלד אין אידיש. וואָלפסזאָנ'ס נאָמען איז געווען א גענוגענדער היתר פאַר יעדען משכיל, אז מען מעג שרייבען אין מאַמע־לשון א טהעאַטער שטיק און ער וועט דערמיט ניט פערשוועכען דעם כבוד פון דער דייטשער שפּראַך. נור די צייט איז ניט געווען מסוגל דערצו, און די דאָזיגע קאָמעדיע איז כמעט געבליבען אונבעקאַנט, הגם זי האָט אויסגעהאַלטען צוויי אויסגאַבען.

די קאָמעדיע הייסט „לייכטזין און פרעממעלייא" און עס איז ניט בעשטימט ווען זי איז צום ערשטען מאָל געדרוקט געוואָרען. אין דער פאָררעדע גיט וואָלפסזאָן אָן, אז ער האָט די שטיק אָנגעשריעבען צו געענדיגט „בחודש אדר התקנה, לפּק" און דאָס קומט אויס אין 1798, אָבער צי זי איז געווען געדרוקט אין דעמזעלביגען יאָהר אָדער שפּעטער, איז ניט בעוואוסט. איך האָב די ערשטע אויסגאַבע ניט געזעהן און בין נור בעקאַנט מיט דער צווייטער, וואו עס ווערט אויפ'ן פאָדער־בלאַט נור אָנגעגעבען:

„נדפס באמשטארדאם בדפוס יוחנן לוי רופא ובני בנימין".

און גאָר צום סוף איז אויך אָנגעגעבען דער נאָמען פון דעם זעצער:

„על ידי הזעציר מאניס בר שלמה ז"ל באמשטרדם".

אָבער עס איז ניטאָ קיין שום אָנצוהערעניס, ווען די דאָזיגע קאָמעדיע האָט זיך געדרוקט צום ערשטען מאָל.

דער בעוואוסטער געלעהרטער שטיינשניידער גיט אָן, אז די דאָזיגע קאָמעדיע האָט אין דער ערשטער אויסגאַבע געטראָגען אַן אנדער נאָמען און האָט געהייסען „רבי הענאך" אָדער „וואָס טהוט מען דערמיט". ער דערצעהלט אויך, אז ער האָט געזעהן אַן עקזעמפּליאַר, אויף וועלכען דער דאַטום איז געווען אָנגעגעבען 1797.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז שטיינשניידער איז געווען איינער פון די ווייניגע אידישע פאָרשער, אויף וועלכע מען קאָן מיט זיכערהייט זאָגען: חזקה על חבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן, דאָס הייסט, אז ער איז געווען איינער פון יענע געלעהרטע, וואָס וועט קיין גרייז ניט מאַכען און מען קאָן אויף איהם בויען, ווי אויף אַן אייזערנע וואַנד. נור דער פאַל מיט „לייכטזין און פרעממעלייא" ווייזט, אז קיין מענש איז פון קיין טעות ניט געוואָרענט. שטיינשניידער האָט אין דעם פאַל געמאַכט א גרויסען טעות און האָט צומישט צוויי בעזונדערע שטיקער פון צוויי בעזונדערע מחברים. „רבי הענאך" אָדער „וואָס טהוט מען דערמיט" איז געווען א סאַטירע אויף אידיש און איז געווען געשריעבען פון יצחק אייכעל. איך האָב די דאָזיגע סאַטירע, וואָס איז געשריעבען אין דיאַלאָגען, ניט געזעהן, נור אין דער ענציקלאָפּעדיע פון ערש און גרובער דערמאָנט יאָסט אין זיין אַרטיקעל אייכעל'ס שטיק „רבי הענאך" אָדער „וואָס טהוט מען דערמיט". אויך דערמאָנט די שטיק לעטעריס אין זיין זכרון בספר. ער שרייבט אזוי:

„גם מעשה שעשועים לוסטשפיעל בלשון יהודית דייטש יצא אחר מותו ועיני לא ראוהו".

דאָס הייסט, אז יצחק אייכעל האָט אָנגעשריעבען א קאָמעדיע אין אידיש און זי איז געדרוקט געוואָרען נאָך זיין טוידט, נור לעטעריס האָט די דאָזיגע שטיק ניט געזעהן.

עס איז גרינג צו פערשטעהן, ווי אזוי שטיינשניידער האָט געמאַכט דעם דאָזיגען טעות. יצחק אייכעל און אהרן וואָלפסזאָן האָבען געאַרבייט און געווירקט אין איין צייט אויף דעמזעלביגען פעלד. אייכעל איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „מאסף" און שפּעטער האָט אהרן וואָלפסזאָן צוזאַמען מיט לעווע איבערגענומען די רעדאַקציע. דערצו נאָך איז דער נאָמען פון דער ערשטער פּערזאָן אין „לייכטזין און פרעממעלייא" חנוך, און עס איז דאריבער געווען זעהר גרינג פאַר שטיינשניידער'ן אויסצומישען ביידע שטיקער.

וואָלפסזאָן האָט זיין פּיעסע געשריעבען מיט דער פּולער כונה, אז מען זאָל איהר שפּיעלען. קיין אידישער טהעאַטער איז דעמאָלט ניט געווען, נור ער האָט גערעכענט, אז מען זאָל די דאָזיגע קאָמעדיע אויפפיהרען אויף דעמזעלביגען אופן, ווי מען האָט דעמאָלט אויפגעפיהרט די פּורים־שפּיעלס, און שפּיעלען איהר אין דעם יום טוב פּורים, ווען אידען ווילען זיך אונטערהאַלטען מיט אַזעלכע זאַכען. „לייכטזין און פרעממעלייא" האָט געדאַרפט דיענען אלס דער איבערגאַנג פון די פּורים־שפּיעלס צו מאָדערנע אידישע דראַמע. זיין צוועק איז געווען א דאָפּעלטער אָדער, ריכטיגער געזאָגט, א דרייפאַכיגער: ערשטענס, צו פערטרייבען די פּורים־שפּיעלס און אויפפיהרען מאָדערנע דראַמען, וואָס זאָלען אין לעבעדיגע פאַרבען שילדערן דאָס אידישע פאָלק, צווייטענס, צו קעמפּפען געגען דעם פאַנאַטיזמוס און דריטענס, צו קעמפּפען געגען דער מאָדערנער יוגענד, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אויף א שלעכטען וועג.

דאָס אַליין ערקלערט וואָלפסזאָן אין דער קורצער הקדמה, וואָס איז געשריעבען אלס א מין פערענטפערונג, אלס א מין התנצלות:

„געגענוואַרטיגער פערזוך איינס לוסטשפּיעלס, וועלכעס מעהרערע פאָלגען ווערדן, ווען דיזר דען בייפאַל פערנינפטיגען ערהעלט,

און וועלכר צו בלוסטיגונג אן אונזערם פורים פעסטע, אן דער שטעלע דער זאָנסט געוועהנליכן זינלאָזן אונד צוועקווידריגען הארלעקינאדען (פורים־שפיעלס), דיהנען זאָלל, ווירד האפפענטליך פאָן קיינעם וואהרהייטסליעבענדען מאננע געטאדלט ווערדן, דען איך ניכטס אנדערס דאמיט בעאבזיכטיגען ווילל, אלס בלאָס דער נאציאָן מיט לעבהאפטען פארבען אנשויליך פאָרשטעללן, וועלכע איבלע פאָלגען, דער שטרענגע פאנאטיזמוס אונד דיא הייכלייא אונטער דעם דעקמאנטעל דער רעליגיאָן איינרזייטס, אונד דיא פאלשע אָדער אונעכטע אויפקלערונג אונזרר יעציגען מאָדישען יוגענד, נעבסט דער פעהלערהאפטען ערציהונג דער קינדר אנדרר זייטס הערפאָרבריינגען קעננן.

זאָללטע איין לעזער אדער איינע לעזערין דורך דוס געמעהלדע זיך געטראָפען פיהלען, אונד דאהער דען ליבליכען ענטשלוס פאססן זיך צו בעסרן, זאָ העטטע איך מיינען צוועק עררייכט, וועלכר וואר: דאס פערגניגען מיט דעם נוצן צו פעראיינען.

„פינדט אבער דיזר ערקלערונג אנגעאכטעט דעננאך יעמאנד, דעם די הערויסגאבע דיזס שטיקס מיספעללט, אונד דער דאס אנאטהעמא דאריבער שפריכט, זא דיהנע דיזם פאָלגענדר בקאנטר שפרוך צור אנטוואָרט:

דער קראַצע זיך דעם עס יוקקט (בייסט),
וויר אלע האבען איינע ריינע הויט“.

פון דעם נאָמען פון דער שטיק, פון דעם שער, און פון דער הקדמה קאָן מען מיינען, אז די קאָמעדיע איז געשריבען אין דייטש, אָבער דאָס איז ניט אזוי. די קאָמעדיע איז געשריבען ניט נור אין אידיש, נור אין דעם כאראקטעריסטישען לאָקאלען אידיש פון דער נאָרדערליכער געגענד אין דייטשלאנד ביים סוף פון דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט. „לייכטזין און פרעממעלייא“ איז אפשר אויך די **איינציגע אידישע פיעסע**, אין וועלכער עס ווערט אָבגעהיט דער כאראקטעריסטישער אויסשפראך פון א בעשטימטער געגענד.

עס קאָן זיין, אז פאר פיעלע לעזער וועט דער לעצטער זאַץ ניט זיין גאַנץ פערשטענדליך און דאריבער געפין איך פאר נויטיג צו מאכען א קורצע ערקלערונג, הגם צוליעב דעם וועל איך מוזען פערלויפען א שטיק וועג.

עפעס א ליץ האָט א מאָל זיך אויסגעדריקט, אז ער רעדט אלע זיבען לשונות פון אידיש. ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגען, אז דער אונטערשייד אין דעם אידיש אין פערשיעדענע געגענדען איז אזוי גרויס, אז אין יעדער געגענד קלינגט אידיש ווי א בעזונדער לשון. דער אידיש וואָס מען רעדט אין דער ליטע איז ניט דערזעלבער וואָס מען רעדט אין זיד־רוסלאנד, און אין פוילען רעדט מען גאָר אן אנדער אידיש. דער אמת אָבער איז, אז דער אונטערשייד אין דעם לשון איז ניט קיין גרויסער אין די פערשיעדענע געגענדען. דאָס איז דערזעלביגער אידיש וואָס מען רעדט אין ליטע און זיד־רוסלאנד און אין פוילען. דער גרויסער אונטערשייד איז נור אין דער אויסשפראך. געוויס, האָט יעדע געגענד איהרע כאראקטעריסטישע לאָקאלע ווערטער און ווערטלאך און אויסדריקע, נור די שפראך איז דיזעלביגע אומעדום. אין לייענען פיהלט זיך זעהר שוואך דער אונטערשייד אין דעם לשון, אָבער דערפאר איז דער אונטערשייד זעהר א גרויסער אין ריידען.

אין די אלע דראמען, וואָס זיינען שפעטער געשריבען געוואָרען, האָבען די שרייבער ניט גענומען קיין שום מיה צו בעצייכנען די כאראקטעריסטישע אויסשפראכען פון א בעשטימטער געגענד. א מאָל טרעפט מען יאָ, ווי א קאָמישע פערזאָן זאָגט ארויס מיט א שווערער טראָפ „דאָש“ און „וואָש“ און דאָס דארף בעצייכנען א ליטווישע אויסשפראך, אָבער עס איז פערשפאָרט צו זאָגען, אז דאָס איז ניט מעהר חוזק געמאכט. אויף דער ביהנע רעדט דוד משה׳לעס אין דעם „אידישען קעניג ליר“ מיט דער עכטער אדעסער אויסשפראך, הגם די האנדלונג קומט פאָר אין ווילנא און דוד משה׳לעס איז אן איינגעפונדעוועטער ווילנער בעל הבית. אין „מירעלע אפרת“ זיינען אלע ליטווישע העלדען. מירעלע איז א ברייטע ליטווישע קצינה, איהרע זיהן זיינען ליטווישע בחורים; נחום׳צע און זיין ווייב און שיינדעל זיינען סאמאראָדנע סלוצקער, נור זייער אלעמענס אויסשפראך איז די עכט זיד־רוסישע; איהר קענט הערען אויך פון דער ביהנע די אויסשפראך פון זשיטאָמיר, בעסאראביא, אָבער קיין עהנליכקייט ניט פון דער ליטע.

„לייכטזין און פרעממעלייא“ איז „איין פאמיליען געמעהלדע אין דריי אויפצוגען“. די פערזאָנען פון דער פיעסע זיינען:

רב חנוך, איין רייכער הויזפאטער; טעלצע, זיינע פרויא; יעטטכען, זיינע טאָכטער; מארקוס, זיין שוואָגער, און ברודער דער טעלצע; רב יוספכה, הויז רבי; שאינדל, קעכין ביי רב חנוך; איין פריזעהר; פרוי לעמגין, איינע קופלערין (פאקטערקע).

די האנדלונג „געהט אין איינר גראָסען שטאדט פאָר אין דער נערדליכען געגענד פון דייטשלאנד; און דיא געשיכטע פעללט אין דאס לעצטע יאָהרצענד דעם 18טען יאָהרהונדערט“.

דער אינהאלט איז אזא:

רב חנוך, א איד א פרומער און א למדן, האָט א טאָכטער, וואָס האָט א נאַש געטהאָן פון בילדונג אויפ׳ן שפיץ מעסער. זי קליידט זיך נאָך דער לעצטער מאָדע, פריזירט זיך,

שפּאַצירט איבער'ן בולוואר און פיהרט א בעקאַנטשאַפט מיט קריסטליכע יונגע לייט. זיי געפעלען איהר, ווייל זיי זיינען מעהר גאַלאַנט ווי די אידישע בחורים, זיי קאָנען מאַכען קאָמפּלימענטען, און איהר קליין קעפּעל פּערדרעהט זיך דערפון, הגם זי בעמערקט, אז די העפליכע קאַוואַליערען דערקאָנען איהר ניט, ווען זיי זיינען מיט קריסטליכע דאַמען. רב חנוך איז ניט צופריעדען מיט איהר אויפפיהרונג, נור ער קען דערצו גאָר ניט טהאָן, אָבער ער איז ענטשלאָסען חתונה צו מאַכען איהר דוקא פאַר א פרומען בחור, א בן תורה.

פאַר זיין איינגעל האַלט ער אין הויז א רבי'ן, רב יוספּכה, א בטלן, וועלכער מאַכט א פרומען פּנים אָבער וועלכער איז אין אמת'ען אן אויסוואורף. אָט דעם דאָזיגער מלמד האָט ער בעשלאָסען צו נעהמען פאַר אן איידעם. דער מלמד איז זעהר צופריעדען ארייננצופאַלען אין אַזאַ שמאַלץ־גרוב, און ביי דער טאָכטער דאַרף מען ניט פרעגען.

אין יעטטכען איז פערליעבט א געבילדעטער יונגערמאַן מיט'ן נאָמען מאַרקוס. ער איז רב חנוך'ס א שוואָגער, נור זיין בילדונג איז א חסרון צום שידוך. רב חנוך בעשולדיגט איהם, אז צוליעב איהם געהט יעטטכען אין גוי'ישע דרכים און וויל איהם פאַר קיין איידעם ניט האָבען. צי יעטטכען האָט איהם ליעב, ווייסט מען ניט. עס קאָן זיין, אז ביי איהר איז דער קאָפּ אזוי פיעל פערדרעהט פון איהרע קריסטליכע בעקאַנטע, אז אפילו איהר געבילדעטער אָנקעל געפעלט איהר ניט. און טאַקע ווען רב חנוך ערקלערט איהר, אז דער מלמד יוספּכה איז איהר חתן, אַנטלויפט זי צו איהר קריסטליכען פריינד, א גראַף. דעם גראַף לוינט ניט, אז זי זאָל זיין ביי איהם און ער ערקלערט איהר, אז דערווייל וועט ער איהר בעהאַלטען ביי זיינער א בעקאַנטער און פיהרט איהר אַוועק צו פרוי לעמגין, א קופּלערין, א פאַקטאָרקע, ווי אויך א „מאַדאַם" פון א קליינעם הייזעל, און עס הייסט, אז ביי איהר וועט זיך יעטטכען אויפהאַלטען ביז ער וועט געפינען א זיכערען אָרט. ביי חנוך'ן אין הויז איז א מהומה, און מאַרקוס לויפט ארום איבער דער שטאָדט זוכען זיין פּלימעניצע, און ענדליך געפינט ער אויס דורך בעקאַנטע, אז זי איז ביי דער קופּלערין. ער קומט אהין אריין אלס בעזוכער און בעט מען זאָל צו איהם ארייננפיהרען די נייע מיידעל. ווען ער איבערצייגט זיך, אז זיין פּלימעניצע איז דאָ, ערקלערט ער דער קופּלערין, אז ער האָט פערגעסען זיין געלד אין דער היים און וועט זיך אויף איין פוס אריבערכאַפּען און קומען גלייך צוריק. אין אמת'ן אָבער געהט ער נאָך זיין שוואָגער און שוועסטער.

דערווייל קומט צו דער קופּלערין יוספּכה,

און עס ווייזט זיך ארויס, אז ער איז דאָרטען אן אָפּטער בעזוכער און איז שוין דעם מאַדאַם שולדיג אביסעל געלד. ער דערצעהלט איהר אַלץ, אז ער דאַרף באַלד חתונה האָבען מיט א רייכער כלה און ער וועט האָבען געלד איבער גענוג. אָבער אזוי ווי ער דערצעהלט איהר די דאָזיגע געשיכטע א לאַנגע צייט, האָט זי איהם אויפגעהערט צו גלויבען און אָבגעשניטען זיין קאָנטע. היינטיגס מאָל איז ער געקומען ווידער אָהן געלד, נור ער האָט געבראַכט א משכון, זיינע תפילין, און נאָך א סך דינגענים פועלט ער קוים ביי דער מאַדאַם, אז זי זאָל דעם משכון אָננעהמען. רב חנוך, טעלצע, מאַרקוס קומען דאַן אָן און טרעפען דאָרטען דעם וואויל'ען חתן.

ווי עס איז גרינג צו זעהן, איז די דאָזיגע שטיק מיט איהר שאַרפער טענדענץ דער פראָטאַטיפּ פון אַלע שפּעטערדיגע השכלה־דראַמען, וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען מיט דעם צוועק צו קעמפּפען מיט'ן פאַנאַטיזמוס. די טענדענץ שפּאַרט דאָ ארויס פון יעדען זאַץ, פון יעדען וואָרט. איהר זעהט, ווי דער שרייבער האָט צו טהאָן מיט א שטאַרקען פערביסענע שונא און קלייבט ניט קיין מיטלען, ווי צו בעקעמפּפען איהם. דער עיקר איז — אָבצוראַמען דעם שונא פון וועג.

אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט ער אויך ניט פערגעסען אויפצוהויבען א קאַמפּף געגען דער זאָגענאַנטער פאַלשער השכלה, און האָט זיך ניט אָבגעשראָקען צו ווייזען, אז ניט אַלץ איז גאָלד אין דעם צווייטען לאַגער, און דאָס איז עפּעס אזוינס, וואָס די שפּעטערדיגע אידישע דראַמאַטורגען דורך דער גאַנצער צייט פון דער השכלה עפּאָכע האָבען ניט געוואַגט צו טהאָן. דערצו דאַרף מען נאָך האָבען אין זינען, אז צו יענער צייט איז די השכלה געווען נאָך גאָר יונג, נאָך ערשט פון די וויקעלאַך ארויס. דער געוואָוינליכער שאַבלאָן פון די שפּעטערדיגע אידישע דראַמען־שרייבער איז געווען צו שילדערן יעדען פון דעם השכלה לאַגער אין די שעהנסטע, ליכטיגסטע פאַרבען.

די פראַגע פון אידישע מיידלעך, וואָס וואַרפען זיך אין די אַרעמס פון קריסטליכע יונגע לייט, איז דעמאָלט געווען זעהר אן אָנגעוועהטאָגטע אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען די סאַמע צייט, ווען אידישע מיידלעך און ווייבלאַך, ווי אידישע היסטאָריקער דריקען זיך אויס, האָבען אונטער די ערשטע שטראַהלען פון השכלה אַוועקגעוואָרפען זייער טויזענדיאָהריגע צניעות און געלאָזט זיך פערפיהרען פון קריסטליכע יונגע לייט. דאָס איז געווען די צייט, ווען די גהעטאָס אין דייטשלאַנד האָבען געקאָכט מיט די סקאַנדאַלען פון הענריעטא הערץ, מענדעלזאָהנ'ס טעכטער און נאָך פיעלע פראָמינענטע אידישע מיידלעך און ווייבלעך,

וואָס האָבען בעזוכט הענריעטא'ס סאלאָן. עס קאָן גרייליך זיין, אז וואָלפסזאָן האָט פאר די אויגען געהאט א געוויסען אָריגינאל, פון וועמען ער האָט געשילדערט יעטטכען. אפילו די בעריהמטע ראהעל האָט פונקט אין יענער צייט געהאט אן אונגליקליכע ליעבע מיט א יונגען גראף. עס איז אמת, אז די נארישע יעטטכען איז אזוי וועניג געווען א בילד פון יענע הויך־געבילדעטע, קלוגע, וויציגע פרויען, ווי יוספכה איז געווען א בילד פון א פרומען אידען, אָבער מען דארף ניט פערגעסען, אז דאָס איז געווען דער ערשטער פערזוך צו שילדערן לעבעדיגע מענשען פון דער סאמע מאָדערנע צייט, און ניט נור דעמאָלט, נור אפילו מיט צעהנדליגע יאָהרען שפעטער האָט מען ניט געוואוסט, אז אין קאמפף־ליטעראטור און אין קאמפף־דראמען דארף מען זוכען וואהרהייטליכקייט.

א פאָאר קליינע אויסציגע וועלען געבען א בעגריף וועגען דעם כאראקטער פון דער שפראך.

די ערשטע סצענע עפענט זיך ביי רב חנוך אין הויז.

רב חנוך (זיצט אן איינעם טישע, ווארויף איניגע אויפגעשלאָגענע (אָפענע) ספרים ליגען). נו וואיטער... פרעגט דער מקשן: במאי קא מפלגי? וואדראן קריגען זיי זיך. רבי אליעזר סבר... (נאָכדענקענד) דאָהס פערשטאיך ניט, דאָ מוז בלתי ספק עי גראיז זאין. אפשר מאכט'ער מהרשא עפפיז דרוף (זיהט נאָך) פשיטא, וואהס חדוש? האָב איכ'ס ניט גלאיך גזאָגט?

ער כאפט זיך, אז זיין קליינער קדיש איז אין שטוב ניטאָ און ער ווערט אויפגעבראכט דערפון.

טעלצע. „זאָג מיר נאָר, וואָהס דו פער ע מאן ביזט. וויא קענסטו דיך דריבבר גלאיך זויא מרגז זיין? מוז דען דאס קינד נעבאך דען גאנצען טאג אנגעשפאנט זאין? 'ס זעהט זויא מאָגער און זויא גריהן אויס, דאז איך מיך, זאלל'ך אללס גוטס האבען, בלב מצער בין, ווען איכס אנזעה. ווארום זאלל דאס קינד ניט אהך ע מאל ע נחת האבען?“

מארקוס, אלס יונגער משכיל, דער פאזיטיווער טיפ אין דער שטיק, רעדט שוין גאָר אן אנדער לשון. ווען ער קומט אריין צו דער קופלערין און יענע געהט אריינפיהרען יעטטכען, האלט ער אזא מאָנאָלאָג:

מארקוס. (אים אויף אונד אבגעהן). „אין דיזם פערוואָרפנן הויזע דעם אויפענטהאלט אללר וואללוסט (תאוות) אונד שוועלגרייא (אויסגעלאסענהייט), די טאכטער מיינר שוועסטער! אין דיזם גראבע דער אונשולד פילייכט שאָן זעלבסט איינע געמארדעטע! א, דאס זינד דיינע פריכטע בלינדער רעליגיאָנס אייפר! אונערביטטליך וויא דער טאד, אונערזעטטליך וויא דיא גרופט (קבר), הייפסט (ווארפסט אָן) דוא שלאכטאָפפער אויף שלאכטאָפפער אונד טריטסט אין דיינם וואהן, דעם מייסטער צו עהרען, זיינע מייסטר ווערקע מיט פיסען, אבער איזט זיא דען גאנץ שולדלאָז? מוס זיא, אום איינעם איבל צו ענטגעהן, גראדע אין דאס אללר ערגסט איבל שטידצען? ווארן עס ניכט לייכטזין, אונבעזאנענהייט אונד אנדרער מאָדעלאסטער אונזרר יעציגען יוגענד, דיא איהר דער וועג צו דיזעם אונגליק באהנטען? אונד דעננאך פעללט אויף היר, ווען איך עס רעכט איבערדענקע, דיא שולד אויף עלטערן צוריק!“.

עס פערשטעהט זיך, אז ביי חנוך'ן עפענען זיך די אויגען, און ער דערזעהט דאָס אמת'ע ליכט.

ווי מיר זעהען, רעדט דער העלד (מארקוס) ווי אויך די העלדין אויף ריינעם דייטש, בשעת אלע אנדערע פערזאָנען ריידען אידיש. און דאָס פערדיענט אונזער ספעציעלע אויפמערקזאמקייט, ווייל דאָ האָבען מיר דעם שליסעל צום שפעטערדיגען דייטשמעריש אין אידישען טהעאטער.

אהרן וואָלפסזאָן ווייזט, ווי שוין אָנגעדייטעט פריהער, א שטרעבונג אין דער קאָמעדיע „לייכטזין און פרעממעלייא“ איבערצוגעבען דעם כאראקטעריסטישען הבור פון יעדער פערזאָן אזוי אידיאָמאטיש ווי נור מעגליך. דער יונגער דור, ערצויגען אויף דער השכלה אין דייטשלאנד, האָט זיך געסטארעט אין גאנצען אויסצוקאסירען דעם מאמע־לשון און ריידען אויף ריינעם דייטש, און די שפראך, וואָס מארקוס ברויכט אין דער דערמאָהנטער קאָמעדיע, איז כאראקטעריסטיש פאר איהם. א חוץ דעם האָבען די משכילים אין דייטשלאנד געקוקט אויף אידיש, ווי אויף א מיאוס'ען, פערגרעבטען דייטש, און וועלכען מען האָט אריינגעהאקט העברעאישע און אנדערע ווערטער, און עס איז געווען נאטירליך, אז בשעת די אידען פון א גאנץ יאָהר ריידען דעם גראָבען לשון, רעדט דער געבילדעטער די ריינע שפראך.

עס איז אמת, אז שוין אין די פורים־שפיעלם איז דער לשון ניט געווען דער זעלביגער ביי אלע פערזאָנען, און בשעת איניגע האָבען גערעדט מעהר אידיש, האָבען די אנדערע גערעדט דייטש. אזוי, למשל, אין דער פורים־שפיעל, וואָס איז געווען ציטירט אין א פריהערדיגען ארטיקעל, איז מרדכי'ס לשון מעהר עהנליך צו אונזער איצטיגען אידיש בשעת המן רעדט דעם דעמאָלסדיגען דייטש. נור דאָרטען איז די אורזאך פון דעם אונטערשייד אין דער שפראך גאָר אן אנדערע. דאָרטען ווערט אידיש געברויכט נור פון די קאָמיקער, און דאָס איז א מיטעל צו פערגרעסערן דעם קאָמיזם.

אָבער אין וואָלפסזאָנ'ס קאָמעדיע ריידען

אַלע, א חוץ די געבילדעטע, אידיש. און עס איז נויטיג צו בעמערקען, אז אין וואָלפסזאָנ'ס צייט, זיינען אידיש און דייטש אוועק ווייט איינער פון דעם אנדערן און זייער קרובה'שאַפט האָט אויפגעהערט צו זיין א נאָהענטע. אין וואָלפסזאָנ'ס צייט זיינען שוין אידיש און דייטש, הגם די משכילים האָבען עס ניט געוואָלט אַנערקענען, געוועזן צוויי בעזונדערע שפּראַכען, און ווען דער העלד האָט גערעדט אויף ריינעם דייטש, האָט זיך זיין שפּראַך שאַרף געענדערט פון דעם לשון פון די אַרומיגע. די שפּעטערדיגע דראַמאַטורגען האָבען ניט פערשטאַנען די שייכות פון אידיש און דייטש, און פערקוקענדיג זיך אויף וואָלפסזאָנ'ען האָבען זיי אָנגענומען פאַר א כלל, אז א געבילדעטער מענש דאַרף אין דראַמע ריידען דייטש.

די ערשטע אידישע קאָמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעלייא“ האָט צוליעב איהר, פאַר יענער צייט, שאַרפען אינהאַלט ניט געקאָנט דערגרייכען דעם געווינשטען צוועק. דער מוסטער פון א מאָדערנער קאָמעדיע, וואָס זאָל פערבייטען די פורים־שפּיעלס, איז ניט געוועזן אַזאַ, וואָס זאָל געווינען די הסכמה פון יענע, וואָס האָבען זיך אונטערהאַלטען מיט אַזעלכע שפּיעלס. די פרומע אידען, פאַר וועמען די פורים־שפּיעלס זיינען געשאַפען געוואָרען, האָבען זיך געמוזט אָבטרייסלען מיט הענד און פיס פון אַזאַ קאָמעדיע, אין וועלכער א בחור א למדן ווערט ארויסגעשטעלט אַלס א טיפּ פון א עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס, דאָס הייסט א גרויסער צבועה'ק.

א חוץ דעם איז די שפּאַלטונג אין דער געהעטאָ געוועזן א צו שאַרפע. די השכלה איז געגאַנגען מיט צו האַסטיגע טריט. די שמד מגפה האָט גלייך אויסגעבראָכען. מענדעלזאָהן האָט קוים פערמאַכט די אויגען און זיינע טעכטער „האָבען געקושט דעם פּאַנטאָפעל ביים פּאַבסט“. אויף די פרומע האָט די השכלה אָנגעוואָרפען א טויט־שרעק און זיי האָבען נאָך ענגער פערשפּאַרט די טויערען פון דער געהעטאָ.

אויף אַזאַ אופן האָט די ערשטע קאָמעדיע ניט געקענט דערגרייכען דעם ערשטען און וויכטיגסטען צוועק. „לייכטזין און פרעממעלייא“ האָט ניט געקאָנט בעטראַכטעט ווערען אַלס א וויכטיגע ערשיינונג פאַר א ביהנע, נור מען האָט אויף איהר געקוקט ווי אויף א ליטעראַרישע ערשיינונג.

אהרן וואָלפסזאָן איז אַלט געוועזן צוויי און פיערציג יאָהר, ווען ער האָט אָנגעשריעבען „לייכטזין אונד פרעממעלייא“ און הגם ער האָט דערלעבט ביז א טיעפען עלטער, האָט ער מעהר קיין אידישע פּיעסען ניט געשריעבען. וואָלפסזאָן איז געשטאָרבען אין פיורדא אין דעם יאָהר 1835 און איז אַלט געוועזן ניין און זיבעציג יאָהר.

א. מערקין

דער קעטסקיל עקווידאַט

איינע פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פאַר א געמיינדע, איז צו פערשאַפען זיך מיט א וואַסערלייטונג, כדי צו פערזאָרגען איהר בעפעלקערונג מיט גענוג ריינעם, פרישען, געשמאַקען וואַסער. וואָס פאַר א מין וואַסערלייטונג פאָדערט זיך, דאָס ווענדעט זיך אָן דער גרויס פון דער בעפעלקערונג. ווען די בעפעלקערונג איז קליין, און די איינוואָהנער זיינען ווייט אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, אין א ברונעם די איינציגע, בעסטע און ביליגסטע „וואַסערלייטונג“. ווען די בעפעלקערונג איז שוין אַפילו געדיכטער, נור איז נאָך אַלײן ניט בכוח צו בויען א קאָסטבאַרע וואַסערלייטונג, גראָבט מען ברונימער אין פערשיעדענע טיילען פון שטאָדט, און דיזע ברונימער פערבינדט מען מיט רעהרען און וואַסער ווערט געפּאָמפּעט אין אַן אַלגעמיינעם רעזערוואואַר, פון וועלכען דאָס וואַסער ווערט נאַכהער פאַנאַנדערגעשיקט דורך רעהרען צו די איינוואָהנער אין די הייזער. אַזאַ סיסטעם האָט די שטאָדט ניו יאָרק בענוצט ביז אַרום 1842.

די איצטיגע וואַסערלייטונג — דער קראָטאָן־עקווידאָט — ליפערט וואַסער אין ניו־

יאָרק פון קראָטאָן אָזיערע דורך אַ טונעל, וועלכער איז דריי און דרייסיג מייל לאַנג, און ברענגט אַרום דריי הונדערט מיליאָן גאַללאָן וואַסער אַ טאָג. נור דער געוואַלדיגער וואוקס פון דער בעפעלקערונג, דער פערגרעסערטער געברויך וואַסער פער קאָפּ און די ענטוויקלונג פון קאָמערציע האָבען געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אין די לעצטע יאָהרען אָנגעפאַנגען מורא צו האָבען פאַר אַ וואַסער־מאַנגעל. די ניו יאָרקער איינוואָהנער געדענקען נאָך, אַז מיט איינינגע יאָהר צוריק האָט אין די הייסע זומערטעג אָפּטמאָל אויסגעפעהלט וואַסער. פערשיעדענע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען אויפגעהויבען אַן

דער וועג פון קעטסקיל עקווידאָט. די דינע ליניע דער עקווידאָט, די דיקע דער האָדסאָן.

אַגיטאַציע צו פערגרעסערען דעם איצטיגען זאַפּאַס וואַסער, אָדער מען זאָל בויען אַ נייע וואַסערלייטונג.

דעם 16טען דעצעמבער, 1902, האָט מען ערוועהלט אַ קאָמיסיע צו געפינען אַ פּאַסענדע געגענד, וואו מען קען ארויסקריגען גענוג וואַסער אום צו פערזאָרגען די שטאָדט ניו יאָרק. נאָך אַ לאַנגעם שטודיום און נאָכפאָרשונג האָט די קאָמיסיע אָבגעגעבען אַ רעפּאָרט, אַז דער בעסטער אָרט פאַר אַ וואַסער־לייטונג, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, איז צו ענטוויקלען די וואַסער־קוואַלען אין דער נאַכבאַרשאַפט פון די קעטסקיל מאונטיינס.

אויפ׳ן גרונד פון דיזען רעפּאָרט האָט די לעדזשיסלייטשור, אין 1905, דורכגעפיהרט אַ געזעץ, וואָס האָט געגעבען דער שטאָדט ניו יאָרק די מאַכט צו פערגרעסערען איהר וואַסערלייטונג־סיסטעם.

גלייך ווי דער געזעץ איז אריין אין קראַפט, האָט מעיאָר ד. ב. מעקלעלען אַפּאָינטעד דריי קאָמישאָנערס, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט די באָארד אָוו וואָטער סופּליי. זייער אויפגאַבע איז געווען צו בויען דעם עקווידאָט. אָבער די אַרבייט גופא איז פערטרויט געוואָרען צום הויפּט־אינזשינער דזשיי וואלדאָ סמיטה.

איך וועל מאַכען אַ פּראָבע צו בעקענען דעם אידישען לעזער מיט דיזער געוואַלדיגער אינזשענערען־אונטערנעהמונג, וואָס ווערט גערעכענט צווישען די וואונדער פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

דער אָנהויב פון יעדער וואַסערלייטונג איז אַ רעזערוואואַר, וואו דאָס וואַסער קלייבט זיך צונויף. דער עשאָקען רעזערוואואַר, וואו דער עקווידאָקט פאַנגט זיך אָן, ליעגט אין דעם זידליכען טייל פון די קעטסקילל־מאונטיינס. דאָס איז דער הויפּט־רעזערוואואַר, וואו דאָס וואַסער וועט געזאַמעלט ווערען, און וועט האָבען אַ לענג פון 12 מייל, און אַ דורכשניטליכע ברייט פון אַ מייל. ער וועט האַלטען אימער גרייט הונדערט מיט דרייסיג ביליאָן גאַלאַן וואַסער; גענוג צו באַדעקען די שטדט ניו יאָרק (מאַנהעטען איילענד) מיט וואַסער 28 פוס טיעף.

ווי אַזוי ווערט געבילדעט אַ רעזערוואואַר? מען פערצאַמט אַ טייך דעם וועג. די „עשאָקען דאַמבע", דאָס הייסט די וואַנד, וואָס וועט פערצאַמען דאָס וואַסער אין דעם רעזערוואואַר, איז געבויט אין דעם קוועך פון דעם טייך עזאָפּוס, נעבען אָליוו בריק. די „דאַמבע" בעשטעהט פון אַ געמויערטער וואַנד, וואָס קרייצט איבער דעם טייך און איז פערבונדען פון ביידע זייטען מיט פליעגלען — ערדענע ווענט.

דער הויפּט־מאַטעריאל וואָס ווערט געברויכט ביים בויען דעם עקווידאָט איז קאָנקריט. קאָנקריט איז אַ קינסטליכער שטיין. מען מישט צוזאַמען צובראָכענע שטיקלאך שטיינער מיט זאַמד, מיט צעמענט און וואַסער אין געוויסע בעשטימטע פּראָפּאָרציאָנען, און עס קומט דערפון ארויס דער האַרטער קאָנקריט.

דער עזאָפּוס איז ניט דער איינציגער טייך, וואָס וואָלט געקענט אויסגענוצט ווערען. אין יענעם טייל קעטסקילס זיינען פאַראַן נאָך דריי אַזעלכע וואַסער־סיסטעמען, וואָס וועלען אפשר

אין דער צוקונפט זיך מוזען שטעלען אין דיענסט פון דער שטאָדט ניו יאָרק.

דאָס וואסער פון עשאָקען־רעזערוואואר וועט געליפערט ווערען דורך א סעריע טונעלען 92 מייל לאַנג. עס זיינען פאַרהאַן פיערערליי פאַר־מען פון פערשיעדענע טונעלען, "קאַט און מאַ־מען פון פערשיעדענע טונעלען, „קאַט און קאָ־ווער", „גרייד", „פּרעשור", „סאַיפאָן". יעדע פון זיי איז צוגעפּאַסט צו געוויסע אומשטענדען. סטרוקציאָן פון דיזע טונעלען, איז נויטווענדיג צו ערקלערען אייניגע פּרינציפּען אין דער לעהרע פון וואסער־בוי־קונסט, אויך אייני־גע טעכנישע אויסדריקע, מיט וועלכע פילייכט דער לעזער איז ניט בעקאַנט.

1) שטילעס וואסער איז אימער פלאַך. ווען מיר נעהמען צוויי כלים, ס'מאַכט ניט וואָס פאַר א פאָרם זיי האָבען, און פערבינדען זיי מיט א רעהר, און גיסען וואסער אין איינעם פון זיי — דאַן וועט דאָס וואסער פליסען אין דעם אנדערן און ווען דאָס גלייכגעוויכט וועט זיך איינשטעלען, וועט דאָס וואסער אין ביידע כלים שטעהן אויף איין און דערזעלבער הויכ־קייט.

2) לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז מיר ווי־לען ליפערן וואסער פון רעזערוואואר א, וואָס געפינט זיך אויף א באַרג, צום רעזערוואואר ב, וואָס געפינט זיך אין טהאָל. די רעזערוואוא־רען ווערען פערבונדען מיט רעהרען. דאָס ווא־סער וועט אראָבריננען דורך די רעהרען פון א צו ב, ווען דער וועג געהט גלאַט באַרג־אראָב. ווי איז אָבער, אז די רעהרען ווערען געלייגט איבער א באַרג? קען טרעפען, אז דאָס ווא־סער אין זיי זאָל זיך אָבשטעלען. ע ס איז פאַראַן א געוויסער פונקט, ביז וואַנען דאָס וואסער קען זיך הויבען. און דיזער פונקט איז פערשיעדען: וואָס נעהענטער צו רעזער־וואואר א, אַלץ העכער איז דער פונקט, ביז וואַנען דאָס וואסער קען זיך הויבען; נאָהענט נעבען א קאָן דאָס וואסער אין די רעהרען אריבער־פליסען א העכערען באַרג; אָבער וואָס נעהענטער צו ב, פאַלט דער פונקט אַלץ ניד־ריגער. וואָרים דאָס ווענדט זיך אָן דעם דרוק פון דעם וואסער־שטראָם אין די רעהרען. דאָרט וואו דער שטראָם הויבט זיך ערשט אָן, איז דער וואסער־דרוק שטאַרק; וואָס ווייטער מיט דעם שטראָם, ווערט דער דרוק שוואַכער. אין דעם קען מען זיך איבערצייגען דורך א בעזונ־דערען אינסטרומענט, וואָס הייסט פּיזאָמעטער — דער דרוק־מעסטער. — ווען מען שטעלט איהם אַוועק אין פערשיעדענע פלעצער פון וואסער־שטראָם.

אויף אַזאַ אופן, אז מען וויל אז דער־שטראָם אין די רעהרען זאָל אָנהאַלטען כסדר, טאָרען די רעהרען ניט געלייגט ווערען איבער א געוויסער ליניע — דער וואסער־וועג־ליניע, — וועלכע איז בעקאַנט אין דער טעכניק אונ־טער דעם נאָמען ה א י ד ר א ל י ק ג ר ע־ד י ע נ ט. די רעהרען טאָרען ניט געלייגט ווערען איבער דעם היידראַליק גרעדיענט.

ווען אָבער צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען איז אַזאַ קאָנסטרוקציאָן ניט מעגליך, מוז מען נאָכקומען די פאָלגענדע קאָנדיציאָנען: א) די רעהר מוז זיין פעסט געבויט; די רעהר מוז געמאַכט ווערען פאַלקאָם לופטלאָז; מיטלען מוזען אָנגענומען ווערען אוועקצונעהמען די לופט, וואָס וועט זיך אין איהר זאַמלען; ב) דער טייל פון דער רעהר, וואָס ליעגט העכער

דער עשאָקען־רעזערוואואר דער טייך עזאָפּוס, ווי מען זעהט איהם פון אַליוו בריק.

פון דעם היידראַליק גרעדיענט, דאַרף זיין ווי־ניגער ווי 34 פוס הויך.

פאַרוואָס עפּעס וויניגער ווי 34 פוס הויך? דאָס ווערט ערקלערט אין דריטען פונקט.

3) אין 1643 האָט טאָרריסעלי ענטדעקט, אז דער אַטמאָספערישער דרוק, וואָס איז 14.7 פונט איבער יעדער סקוועיר אינטש, וועט צווינגען די קוועקזילבער צו שטייגען, אין א לופטלאָזער רעהר, ביז צו א הויכקייט פון 30 אינטשעס. אַזאַ מין אינסטרומענט רופט מען קוועקזילבער־באַראָמעטער. ווען אָבער אנשטאט

קוועקזילבער זאָל מען נוצען וואַסער, וואָס איז 13.6 מאָל לייכטער ווי קוועקזילבער, וועט דאָס וואַסער אין דער לופטלאָזער רעהר שטייגען צו א הויכקייט 13.6 מאָל 30 אינטשעס, אָדער 34 פוס. געוויס, פון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, איז א וואַסער־באַראָמעטער אונבעקוועם, נור דער פּרינציפּ האָט א וויכטיגע בעדייטונג אין דער לעהרע פון וואַסער־בוי־קונסט.

פאַרטיג, פערשיט מען דאָס מיט ערד. די ערד איבער'ן טונעל איז 3 פוס טיעף און האָט א וועג 15 פוס די ברייט. די גאַנצע אויבער־פלעכע איז פערזעעט מיט גראָז. איבער'ן טונעל קאָן מען זיך אזוי אוועק שפּאַצירען א שטיק וועג פון ניו יאָרק אין די קעטסקילס, און דאָס איז געוויס איינע פון די שעהנסטע פּראָמענאַדעס.



קאַט און קאַווער

דער טייל פון דער רעהר־סיסטעם, וואָס ליעגט איבער דעם האידראַליק גרעדיענט און קומט נאָך די קאָנדיציאָנען, וואָס מיר האָבען אויבען דערמאָהנט, רופט מען ס א י פ א ן, איצט קענען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער טהעמע.


פּרעשור טונעל


גרייד טונעל

דער גרעסטער טייל פון דעם עקווידאַקט איז געבויט אויף דעם האידראַליק גרעדיענט. די קראַפט, וואָס וועט ברייגנען דאָס וואַסער פון די קעטסקיל־מאַונטיינס קיין ניו יאָרק, איז דיזעלבע, וואָס מאַכט די וואַסער פליסען אין טייכען, נעמליך, די צוציהונגס־קראַפט פון דער ערד — די גרעוויטי. און דערפאַר רופט מען די וואַסערלייטונג א גרעוויטי־סיסטעם. דיזער טייל פון טונעל — 55 מייל דער לענג — געהערט צום „קאַט אונד קאַווער" טיפּ. דער נאָמען אליין צייגט אָן די מעטאָדע פון קאָנסטרוקציאָן, נעמליך, שנייד און פאַרדעק. דער טונעל האָט די פאָרם פון א פּאָדקאָווע און איז 15 פוס הויך און 17 פוס מיט 6 אינטשעס די ברייט. סטים־שאָוועלס ברעכען צוערשט דורך א גראָבען פּאָס פון נויטיגער ברייט און הויך, דאַן בויט מען דעם טונעל און ווען

ווען אָבער דער וועג, וואו דער עקווידאַקט געהט דורך, איז געשטערט דורך זעהר הויכע בערג, איז אזא פאָרם פון א טונעל, ווי מיר האָבען ערשט בעשריבען, ניט פּראַקטיש. ווייל דורכשניידען א גראָבען איבער הויכע בערג, פערגרעסערט די קאָסטען פון קאָנסטרוקציאָן. אום איבערצוקומען דיזע שטערונגען, ברעכט מען דורך א טונעל — א „גרייד" טונעל. די פאָרם איז כמעט דיזעלבע ווי די „קאַט און קאַווער". זיי שטעלען צונויף א ליינג פון 14 מייל.

א פּרעשור־טונעל — איז א טונעל, וואו די קראַפט, וואָס וועט מאַכען די וואַסער שטייגען צו א געוויינשטע הויכקייט — איז דער וואַסער־דרוק, געשאַפען דורך דער געוויכט פון וואַסער. פון עשאָקען צו היל־וויוא רעזערוואָאַר, וואָס נעבען ניו יאָרק, זיינען זיעבען אזעלכע טונעלען, און זיי האָבען א ליינג פון 780

סייפאָן טונעל

פוס ביז 4.8 מייל. די פאָרם פון דיזע טונעלען איז א צירקעל. דיזע טונעלען ווערען געברויכט אין די פלעצער, וואו דער עקווידאַקט קרייצט דורך לאַנגע און פלאַכע טהאָלען (אונטער האָדסאָן, אונטער דער שטאָדט ניו יאָרק) און הויבט זיך ווידער אויף. די טונע־

לען ווערען דורכגעבראָכען אין פעלזען־שטיין פון 380 ביז 710 פוס טיעף (אין ניו יאָרק), און 1200 פוס טיעף אונטער דער וואסער־פלעכע, וואו דער עקווידאָקט קרייצט דורך דעם האָדסאָן־ריווער נעבען ברייקנעק מאונ־טיינס. די טונעלען ווערען אויסגעבעט מיט קאָנקריט, און וועלען צוזאמענשטעלען א לייינג פון 14 מייל.

אנדערע פאָרמען טונעלען דורך געמויערטע קאמערן.

פון עשאָקען־רעזערוואואר וועט דאָס וואַ־סער געליפערט ווערען, דורך דיזע טונעלען, צו היל־וויוא רעזערוואואר, וואָס ליעגט צוויי מייל זידליך־איסט פון יאָנקערס און א האלבען מייל פון ניו יאָרק. דער רעזערוואואר וועט ענטהאלטען ניין הונדערט מיליאָן גאלאן וואַ־סער. די הויפט־אויפגאבע פון דיזען רעזער־וואואר וועט זיין צו רעגולירען דעם פלוס אין דעם עקווידאָט.



ווי מען „קאָנקריטעוועט“ אַ טונעל. די פאָרמען, וואו מען גיסט דעם קאָנקריט, ווערען אָנגעטהאָן אויף א רונדען הילצערנעם געשטעל — אַזוי פון אינוועניג, ווי פון אויסוועניג.

ווען אָבער דער טהאָל איז שמאָל און טיעף, און דערביי איז א הויכער בארג, לעגט מען דעם סטייל סאיפאָן. דאָס איז אַ שטאָלענער רעהר, ארום 9½ פוס אין דיאמעטר. די רעהר ווערט געמאכט לופטלאָז און דאָס וואסער ווערט געטריעבען דורך דעם אטמאָספערישען דרוק, ווי מיר האָבען אויבען ערקלערט.

פון דרויסען באדעקט מען די רעהר מיט א דזשעקעט פון קאָנקריט, אום צו בעשיצען פון פראָסט און האָסט. פון אינוועניג, צו מאכען דעם וואסער־וועג גלאט, באדעקט מען מיט א צוויי־אינטשיגען אונטערשלאג פון מאָרטאר — א מאטעריאל געמאכט פון צעמענט, זאמד און וואסער. ווען דער סאייפאָן איז פערטיג, באדעקט מען דאָס מיט ערד און פון אויבען באזייהט מען מיט גראָז.

יעדער סאיפאָן איז פערבונדען מיט די

דער אפאראט צו רעגולירען דעם פלוס, איז זעהר איינפאך. אן אייזערנע טהיר וועט זיך גליטשען ארויף און אראָב, און וועט דורכ־לאָזען דעם פלוס גאנץ, האלב אָדער גאָר איהם אָבשטעלען, ארונטערלאָזענדיג זיך אין גאנצען.

נעבען הילוויוא רעזערוואואר געפינט זיך דער קענסיקאָ רעזערוואואר.

דער קענסיקאָ־רעזערוואואר איז א וואַ־סער־סטאָרידזש. ער וועט ענטהאלטען פער־ציג ביליאָן גאלאן וואסער, איז פאָרמירט דורך דער קענסיקאָ־דאמבע, וואָס צאמט דעם בראָנקס־ריווער טהאָל נעבען וואלהאלא, עטלי־כע מייל נאָרד פון ווהייט פליינס, ניו יאָרק. די דאמבע ווערט געבויט נאָך דעם זעלבען פלאן, ווי די עשאָקען־דאמבע, און וועט זיין



ווי מען לעגט א שטאָלענעם סאַיפאָן. פון אונטען קאָנקריט־פּלאַטען, וואָס דיענען אלס פונדאַמענט.

1830 פוס לאנג, און וועט דערגרייכען א הויכ־קיט פון 300 פוס. דאָס וועט זיין איינע פון די העכסטע און מערקווירדיגסטע דאַמבעס אין דער וועלט.

פון היל־וויוא רעזערוואואַר ווערט גע־פיהרט דער סיטי־ עקווידאָקט, אַ פּרעשור־טונעל 18 מייל לאַנג, אין וועלכען דער דיאַמעטער וועט זיין 15 פוס און וועט ביסלעכווייז פערקלענערט ווערען צו 11 פוס. דער טונעל ווערט געבויט דורכאוים אין פעלזען־שטיין, פון 200 ביז 714 פוס אונטער דער ערד, און וועט געהן דורך דעם זידליכען טייל פון בראָנקס, אונטער האַרלעם־ריווער קיין ניו יאָרק. ביי קופּער־יוניאָן איז געבויט א שאַכטע, דורך יועלכער דער שטראָם וואסער, וואָס וועט אָנקומען מיט'ן סיטי־טונעל (300 פוס אונטער דער ערד) וועט זיך אראָבלאָזען מיט 400 פוס נידריגער, אין א צווייטען טונעל, וואָס וועט געהן אונטער בויערי, דעלענסי, עלדרידזש, קאַנעל, קלינטאָן, סאוט סט. ווייטער אונטער'ן איסט־ריווער קיין ברוקלין אין לאַפּאַיעט עוועניו. פון דיזען פּונקט וועלען זיך ציהען צוויי צווייגען פון רעהרען. איינע אַ שטאָלענע רעהר וועט ליפערן וואסער צו די איינוואָהנער אין קווינס באָראָוא, און די צווייטע, 36־אינטשיגע טשו־גונענע רעהר, וועט געצויגען ווערען איבער די „נעראָאוז" קיין סטעטען איילאַנד.

צו לופטערן דאָס וואַסער פון עקווידאָט, איז נעבען קענסיקאָ־רעזערוואואַר געבויט גע־וואָרען א באַסיין, אויסגעלייגט מיט קאָנקריט. אויפ'ן דעק פון באַסיין וועלען זיין צוויי רייהען פון בראָנזענע רעהרלעך, 1750 אין צאָהל, און אן ערך פון דריי אינטשעס אין דער הויך. דאָס וואַסער פון עקווידאָט וועט ארויסשפּריצען פון דיזע רעהרלעך ווי א פאָנ־טאַן און וועט זיך פון דאָס ניי זאַמלען אין באַסיין, און דורך עפנונגען צוריק זיך אומקעה־רען אין עקווידאָט. אן עהנליכע איינריכטונג איז געמאַכט געוואָרען נעבען דעם עשאָקען־רעזערוואואַר.

דיזע צוויי לופטערער וועלען בילדען גרויסאַרטיגע פאָנטאַנען, וואָס וועלען איבער־שטייגען מיט זייער גרויס און שעהנקייט די אַלע בעוואוסטע קינסטליכע פאָנטאַנען, אריינ־רעכנענדיג אַפילו די וועלט־בעריהמטע פאָנטאַ־נען פון ווערסייל (פראַנקרייך).



דער אַפּאַראַט צו רעגולירען דעם פלוס אין די סאַיפאָנס.

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. מען האָט ספּעציעל געזאָרגט דערפאַר, אז די פערשיעדענע איינריכטונגען, די געביידעס, די קאַמערן זאָלען אזוי אויסגעאַרבייט און בעפּוצט ווערען, אז מיט זייער אויסערן אויסזעהן זאָלען זיי ניט פערשעהמען דאָס וואונדערבאַרע ווערק, וואָס ס'איז בעהאַלטען פון אויג. די קינסטליכע לאַנדשאַפט ארום דעם רעזערוואַר האַרמאָנירט פאַלקאָם מיט דער פּראַכט פון דער געגענד.



די „לופטערער" ביי קענסיקאָ רעזערוואַר.

דער קעטסקיל־עקווידאַט — דאָס וואונדערבאַרע ווערק פון אינזשענערען־קונסט — איז פון אויסען געזעהן, א שפּאַציער־וועג פון ניו יאָרק אין די קעטסקילס, א רייה בולוואַרען און פּאַרקס, וואָס פיהרען דורך בערג און טהאָלען, פערביי אָזערעס, טייכען און פאָנטאַנען.

דעם עקווידאָט האָט מען אָנגעפאַנגען צו בויען אין 1905, און די גאַנצע סיסטעמע פון דיזער וואַסערלייטונג וועט פאַרטיג ווערען אין 1915.

דער קעטסקיל־עקווידאָט וועט ליפערן צו די איינוואָהנער פון ניו יאָרק פינף הונדערט מיליאָן גאַלאָן וואַסער א טאָג, און ווען נויטיג קען מען די וואַסערן פון די קעטסקיל־מאונטיינס נאָך פיעל מעהר ענטוויקלען, אזוי אַז מען זאָל קענען קריגען זיבען הונדערט מיליאָן גאַלאָן וואַסער א טאָג. דער גאַנצער פּראָיעקט וועט קאָסטען דער שטאָדט ניו יאָרק ארום 162 מיליאָן דאָלארס.

מ. ח. לונער

* * *

ווי פיעל דו זאָלסט ריידען,
דיין האַרץ אויסדערצעהלען,
עס וועלען אַלץ בלייבען
פערבאָרגענע היילען . . .

פערבאָרגענע היילען
אין נעבעל פערצויגען,
וואו ס'קענען בלויז גרייכען
א ליעבענדער'ס אויגען . . .

דעמערונג.
(נאָך טהאָמאַס מאָהר)

ווי ליעב האָב איך די בין השמשות צייט,
ווען שטיל דער לעצטער זונען־שטראַהל פערגעהט —
ס'עראינערט מיך אָן ליעבע טעג פון ווייט,
אַ צאַרטער אטעם אין דער שטילקייט וועהט.

און ווען איך זעה, ווי שטיל אין מערב זייט
די שטראַהלען קושען זיך און שווינדען וואו,
וואָלט איך גערן אויך מיט די שטראַהלען ווייט
פערשווינדען שטיל, געפינען וואו מיין רוה . . .

ב. סקוטעלסקי

איסאאק לעוויטאן

(דער גרויסער רוסיש־אידישער לאנדשאפט־מאלער)

פינף און צוואנציג יאהר זיינען אריבער, זייט לעוויטאנ׳ס ערשטעס בילד איז א ר ו י ס ־ ג ע ש ט ע ל ט געווארען אין מאסקווע, און זיין פאפולאריטעט וואקסט אלץ מיט די יאהרען און וואקסט. לעוויטאן איז איצט דער גרעסטער און בעליעבטעסטער קינסטלער פייזאזשיסט, וואס רוסלאנד האט ארויסגעבראכט.

פאר דער קורצער צייט, וואס די רוסישע אידען בעטייליגען זיך אין קולטורעלען לעבען פון רוסלאנד, האבען זיי ארויסגעשטעלט דריי קינסטלער, וועלכע רעכנען זיך צווישען די גרעסטע, וואס רוסלאנד פערמאגט — רובינשטיין אין מוזיק, אנטאקאלסקי אין סקולפטור, לעוויטאן אין מאלעריי. זיין נאמען איז ניט אזוי בעקאנט, ווי די נעמען פון די ערשטע צוויי, אבער ער איז זיכער ניט דער קלענערער פון די דריי. ער פערנעהמט פונקט אזא אנגעזעהנעם פלאץ, און זיין אויפטהו איז אפשר נאך וויכטיגער: ער איז דער שעפפער פון רוסישען פייזאזש, פון רוסישער לאנדשאפט־מאלעריי.

ער, דער איד לעוויטאן, איז דער ערשטער, וועלכער האט פערשטאנען די רוסישע נאטור, ער האט ענטדעקט יענע סודות איהרע, וואס זי האט געהאלטען פערשלאסען פאר איהרע אייגענע קינדער. ער האט די רוסישע נאטור ניט נור פערשטאנען, נור אויך בעזונגען, און אויף אן עכט־רוסישען שטייגער. ער האט זיך דערדיענט דעם טיטעל: „טשעכאוו פון דער רוסישער מאלעריי“. דאך איז דאס זיין אידישע נשמה, וועלכע בעלעבט זיינע בילדער. ער האט מיט זיין אידישען צער אנגעזויגען די רוסישע נאטור. אויך רובינשטיין און אנטאקאלסקי לאזען דערקענען אין זייערע ווערק סמנים פון זייער אידישער אבשטאמונג. אין רובינשטיינ׳ס אפעראס קלינגען אויף פאר אייך עכט־אידישע מעלאדיען. אנטאקאלסקי׳ס בעסטעס ווערק „איוואן דער שרעקליכער“ וואלט קיינמאל ניט בעשאפען געווארען, ווען אנטאקאלסקי׳ן, אלס איד, וואלטען ניט געוועזען בעקאנט די יסורים פון א צוריסענער, צופייניגטער נשמה. און לעוויטאן איז נאך מעהר איד. די אינערע, די וויכטיגערע זייט פון זיין שאפען, די שטימונג פון זיינע בילדער בעלאנגט צו לעוויטאנ׳ען דעם אידען.

אויך אין לעבען האט לעוויטאן פערזוכט דעם טעם פון זיין אידישער אבשטאמונג — ער האט אויסגעטרונקען ביז׳ן גרונד דעם בעכער פון די אידישע צרות.

געבארען איז ער אין 1861, ביי דער רוסישער גרענעץ, נעבען איידקונען. זיין פאטער, וועלכער האט געענדיגט ראבינער־שול, האט פריה ענטדעקט זיין זוהנ׳ס טאלענט. ער קלייבט



איסאאק לעוויטאן. 1861־1900. געמאלען פון סעראוו.

זיך אריבער מיט דער פאמיליע קיין מאסקווע, כדי צו האבען די מעגליכקייט איהם אויסצובילדען. ער גיט שטונדען אין רייכע אידישע הייזער, אבער זיינע פערדיענסטען קלעקען ניט צו פערטרייבען די נויט פון הויז. די פאמיליע איז גרויס — 2 אינגלאך און צוויי מיידלאך. אין 1875 שטארבט די מוטער, אין צוויי יאהר ארום דער פאטער, און דער 16־יעהריגער לעוויטאן מוז זעלבסטשטענדיג אנהויבען דעם קאמפף פאר עקזיסטענץ.

נאך בעת דער פאטער האט געלעבט איז לעוויטאן אנגעקומען אין מאסקווער קונסטשולע. נאך זיין פאטער׳ס טויט פערלאזט ער ניט די שולע. ער איז אויף אייגענע קעסט:

5 קאָפּיקעס א טאָג — דאָס איז זיין פריהשטיק, מיטאג און וועטשערע. אָבער דער פערשמאכטער, פער'חלש'טער אידישער אינגעל ארבייט מיט אונגעהייערן פליים. ער ווערט עטליכע מאָל אויסגעוויזען פון מאָסקווע. מיט'ן פּאָטער'ס טויט האָט ער אויך פערלאָרען דאָס וואוינרעכט. אָבער לעוויטאַן טהוט אָב דער פּאָליציי א שפּיצעל: ער בעגעהט זיך אָפּט גאָר אָהן א דירה, ער נעכטיגט ערגעץ אין א בעהאַלטענעם ווינקעל אין דער שולע.

דאַן איז געקומען א קליינע דערלייכטערונג. נאָך אלס שילער בעטייליגט ער זיך אין אויס־



„אין אייביגער רוה".

שטעלונגען, און די קריטיק דערמאָהנט זיינע ווערק צום גוטען. ארום 1880 פערקויפט ער זיין א בילד „דער הערבסט־טאָג" צו דעם בערירהמטען מאָסקווער זאמלער טרעטיאקאָוו. פון צייט צו צייט מאכען זיך איהם בעשטעלונגען אין אילוסטרירטע זשורנאַלען. און די שולע אונטערשטיצט איהם אויך. ער ענדיגט איהר אין 1884, און אין צוויי יאָהר ארום, אויף דער אויסשטעלונג פון די „פערעדוויזשניקעס", צייכענט ער זיך אויס מיט א בילד „פריהלינג". („פערעדוויזשניקעס" — א פּריוואטע געזעלשאפט פון רוסישע קינסטלער, וועלכע בעלאַנגען צו דער רעאַליסטישער שולע אין דער קונסט און וועלכע אראַנזשירט פּעריאָדישע אויסשטעלונגען אין אַלע טיילען רוסאַנד).

לעוויטאַנ'ס ערפאָלג איז אָבער ניט געוועזן פון די, וואָס ציהען די אויפמערקזאמקייט פון ברייטען פובליקום. לעוויטאַן וויל ניט נאָכגעהן דעם ביליגען געשמאַק און טהאָן דעם געפאַלען פון יעדען אויפגעקומענעם בורזשוא: „נאַ, מאָל מיר מיין פּנים!" און לעוויטאַן מוז נאָך אַלץ שווער קעמפּפען מיט דער נויט — זי וויל זיך ניט געזעגענען מיט דעם קינסטלער.

ערשט די 90ער יאָהרען האָבען געבראַכט אַן ענדערונג. פון דער פּאַריזשער אויסשטעלונג פון 1889 קעהרט לעוויטאַן זיך אום אַן אָבגעפרישטער. לעוויטאַן דערקענט זיך אליין. ער בלייבט רעאַליסט ווי געוועזן: ער מאָלט טריי און עהרליך די נאַטור, אָבער איבער דעם בילד נעהמט געוועלטיגען די שטימונג. לעוויטאַן שטעהט צו צו דער גרופּע קינסטלער, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט ארום דעם זשורנאַל: „די וועלט פון קונסט". יענע פּרעדיגען די אינדיווידועלע פרייהייט פון יעדען קינסטלער. זיין בילד „בין השמשות" געווינט דעם פּרייז אויף דער אויסשטעלונג פון 1892. די מאָסקווער מיליאָנערען מאָראָזאָוו'ס אָרדנען איין פאַר איהם אַן אַטעליע אין זייער הויז. און עס שיינט, אז אָט־אָט קומט זי, די קאַפּריזנע געליעבטע פון די קינסטלער — די בעריהמטהייט. די קינסטלערישע וועלט נעהמט איהם שעצען. לעוויטאַן ווערט אויסערוועהלט מיטגליעד פון דער מינכענער קונסט־געזעלשאַפט „סעצעסיאָן" און פון דער פּעטערבורגער אַקאַדעמיע. זיין שאַפען דערגרייכט די בלי־

טהעציים. אויף דער פאריזשער וועלט־אויס־שטעלונג פון 1900 איז לעוויטאן זעהר אנגע־זעהן. פלוצלונג ווערט זיין לעבען איבערגע־ריסען, ער שטארבט פון הארצפעהלער דעם 22טען יולי, 1900.

דער רוישיגער ערפאלג פון א ליעבלינג פון פובליקום האט איהם ביים לעבען ניט בעגלייט. לעוויטאן איז ניט געווען קיין קינסטלער פאר׳ן פובליקום. ער איז צו אינ־טים, צו צארט אין זיין שאפען. ערשט נאך זיין טויט, האט זיך דאס פובליקום דערוואוסט, וואס פאר א קינסטלער האט די וועלט פער־לאזען.

סיג די נאטור. ער פערלאזט אפט די שטאדט. א צייט לאנג פערברייננגט ער מיט זיין קראנקער שוועסטער אין א דארף אונטער מאסקווע. שפעטער, אין 1884, בעקענט ער זיך מיט טשעכאוו׳ען, זיי בעפריינדען זיך שטארק און דריי זומערן כסדר האבען זיי זיך אויפגעהאל־טען אין א הויף. מיט טשעכאוו׳ן פעראיי־ניגט איהם דאס, וואס האט איהם צוגעבונדען צו דער רוסישער נאטור — דער שטילער או־מעט. א שטילער אומעט איז אויסגעגאסען איבער די אונגעהייערע ווייטקייטען פון די רוסישע פעלדער. לעוויטאן האט א כאראקטע־ריסטיש בילד — „א וועג“. נישט מעהר. טריי

„מערץ“.

לעוויטאן האט זיך נאך ערפאלג ניט גע־יאגט. פאר איהם איז דער פראצעס פון שא־פען געווען א ליידענס־פראצעס. די סוזשע־טען פלעגען איהם פריהער און לאנג פייניגען. ער איז געגאנגען פון פערצווייפלונג צו ענטצי־קונג און פערקעהרט. איין מאל אין אזא צו־שטאנד האט ער זיך געפרובט נעהמען דאס לעבען. קיינמאל ניט בעפריעדיגט, כסדר אין זוכען. זיין יעדעס בילד מאלט ער אין עטליכע וואריאנטען.

ווי איז לעוויטאן געקומען צו זיין סו־זשעט — דער רוסישער נאטור? נאך אלס קינד האט ער ליעב געהאט אבצושטעהן שטונדען לאנג צוקוקענדיג זיך צו א זונענ־אונטערגאנג. אלס שילער שטודירט ער פליי־

ביז גאר. איהר קענט אזא וועג זעהן אומעטום. אבער פון יעדען גרעזעלע ביים זייט וועג, דוכט זיך, קאפעט א טרעהר, און אין דער לופטען הערען זיך קרעכצען, אבקלאנגען פון שלאכטען פון פאר טויזענד יאהרען.

און וואס איז טשעכאוו׳ס אומעט? דער אומעט פון איינעם, וועלכער ווייס, אז מיט דער געוועהנליכסטער טאג־טעגליכער ערשיי־נונג איז פערקניפט א טראגעדיע.

ביי לעוויטאנ׳ען איז דאס אבער ניט דער אביעקטיוו־בעטראכטענדער אומעט, וואס ביי טשעכאוו׳ן, נור דער סוביעקטיווער צער, דער עכט־אידישער צער.

פון דעססטוועגען וואלט עס געווען א טעות צו גלויבען, אז ביידע פריינד האבען

פערבראכט די צייט אין בשותפות'ען טרויערן. אפטמאל מאכען זיי זיך גאנץ לוסטיג. לעוויטאן איז געווען א מאדים אויף אויסצוקלערען אלערליי שפּיעלען. דא פערשטעלט ער זיך פאר א אידישען קויפמאן איסאאק לעוויטאן, א בעל הבית פון א לייה־קאסע, און זיי, די גוים, קומען צו איהם מיט טענות און ער מאכט חוזק פון זיי. דא איז ער אן אראבער אויף אן עזעלע. זיצט ער איינגעוויקעלט אין זיין טשאלמע און שעפּטשעט זיין געבעט. טשעכאוו לויערט אונטער א קוסט און שיסט אויף איהם.

ווי וויט לעוויטאן האט זיך געקאנט איינלעבען אין פרעמדע שטימונגען, בעווייזט דער פאלגענדער פאקט, וועגען וועלכען עס דערצעהלט זיין שילערין, די מאלערין קואווּשיניקאווא. זיי זיינען געווען צוזאמען אין א קליין, קליין שטעדטעלע פלעס. דארט איז פערבליבען א פערלאזטע הילצערנע תפלהצקע, א חורבה פון איוואן דעם שרעקליכען'ס צייטען. קואווּשיניקאווא האט זיך קוים איינגעבעטען ביים גלח אבצוהאלטען דארט א גאטעסדיענסט. לעוויטאנ'ען האט עס אזוי דורכגענומען, אז ער האט זיך געווארפען מיט אימפּעט צינדען ליכט אין אלע לייכטער...

און אט דעם איבערפלוס פון שטימונג האט ער אריינגעגעבען אין זיינע בילדער. ער איז גאר אין זיינע בילדער. ער גיט זיך אליין אוועק. דערפאר איז שווער צו געפינען נאך אזא זעלבסטשטענדיגען אריגינעלען מאלער. ער געהערט צו קיין שולע ניט. זיינע בילדער בעציהען זיך אויף קיין סוזשעט ניט. זיי דערצעהלען קיין מעשה ניט. דערפאר איז אזוי שווער צו ריידען וועגען זיי. מען דארף זיי פיהלען. מען דארף זיך לאזען דורכדרינגען מיט דעם געפיהל, וואס וועהט פון זיי און זיי פער'כשופ'ען. זיי זיינען, דאכט זיך, פשוט'ע נאטור־בעשרייבונגען, אהן עפעקטען, אהן צוגעטראכטע אינטערעסאנטע איינצעלהייטען. און ניט קיין אויסגעקליבענע מאמענטען אין דער נאטור שילדערט ער, נור געוועהנליכע. איך נעהמט די מאלערישע שעהנקייט, דער צויבער פון זיין פינזעל.



„די מיהל".

זיינע נאטור־בילדער, פון וועלכע עס וועהט א זאנפטער אומעט, אדער א קלארע רוהיגקייט, דערגרייכען אפט די הויכקייט פון טאלסטאי'ס, טורגענעוו'ס און טשעכאוו'ס נאטור־שילדערונגען. ער איז דער ערשטער און דער איינציגער צווישען די רוסישע פייזאזשיסטען, וועלכער קען זיך דורכאויס שטעלען מיט די דערמאנטע ווארט־קינסטלער אין איין רייה.

זיינע ליעבלינג־טעמאס זיינען: א בלאסער, דורכזיכטיגער אבענד, א צארטער ליכטשפּיעל פון פאר דעם זונען־אונטערגאנג, א נעפּעלדיגער טאג, אן איידעל־בלייכער יונגער פריהלינג, א פערטראכטער הערבסט, וואס נעהמט אן פאר ליעב דעם קומענדען טויט. אבער לעוויטאנ'ס אומעט טרייבט ניט אן

אויף אייך קיין מרה־שחורה. איהר פיהלט דער מאַלער שטעהט מיט ענטציקטער פערוואונדערונג פאר דער שעהנקייט פון גאָט'ס וועלט. און ער מאָלט אייך מיט א ציטעריגען געפיהל די פרייד פון דער נאטור. און עס קומט אויס, אז דער פעסימיסט לעוויטאַן איז אין גרונד גאָר אַן אָפּטימיסט.—מיר וועלען בעשרייבען איינינע פון זיינע בילדער.

„אין אייביגער רוה“ — גלייך פון פאַרענט א גרינער בערגעל, וואו עס טולען זיך צלמים איינער צום אַנדערן. א וואסער רינגעלט עס ארום און אַנטלויפט ווייט, ווייט. צוריסענע וואָלקענס אויפ'ן הימעל. דאָס בילד איז פערצייגען מיט א רויטליכקייט, ווי געזעהן דורך א פערטרערטען אויג. א שטילשווייגען, וואָס דריקט צום טויט. אַן אונענדליכער צער, א פערקלעמטער וועהטאָג. האָפנונגסלאָזיגקייט.

„די רואינען“ — אין פינלאנד. די חורבות פון אַן אַלטען שלאָס אויף א פעלז. אַן עדות



„די רואינען“.

פון אמאָליגען גליק, פון א שטורמישען און רוישיגען לעבען. דער ים צוברעכט אָן איהם זיינע כוואַליעס און דערמאָהנט איהם וועגען דעם אַלעם, און דערמאָהנענדיג צושמעטערט ער איהם. „די רואינען“ ווערען צוגעסען פון די עראינערונגען.

„ביים קעסעל־גרוב“ — א געהיימניספוללער תהום. א געדיכטע רייה בוימער רינגעלט איהם אַרום און דעקט איהם צו מיט שאָטען. א שטראהל פון אויבען פאַלט אראָב און זוכט דורכצודרינגען דעם סוד פון דער פינסטערניס.

„די מיהל“ — א וואסער־מיהל אין א בעהעלטעניש צווישען בערגיקע ברעגען. דער אייביגער גערויש פון דעם וואסער זוכט איהר ארויסצוהויבען פון דער בעהעלטניש און אָנקניפּען אָן עפּעס א פאַרצייטיגע געשעהנים, און קאָן ניט. עס שפינט זיך א געשיכטע און ווערט יעדע מינוט אָבגעהאַקט.

„מערץ“ — דער בלויער הימעל, דער שנעע, וואָס צוגעהט אויף די צווייגען און טריפט אראָב אין גרויסע טראָפּענס, די נייאנטפּלעקטע ערד, דער פערד, וואָס שטעהט



„ביים קעסעל־גרוב“.

אין ערוואַרטונג ביים גאַניק — אַלץ רעדט וועגען דעם, אז עפּעס קומט. א צוזאַג טראָגט זיך אין דער לופטען. א שמייכעל נאָך א מונטערער ערוואַכונג לייכט אייך אַנטקעגען, און דאָך אין הארצען נאָגט אַזא בענקשאַפט.

„א זומער־טאָג“ — א בעריאָזעווער וועלדעל. אין גרינליכען האלב־חושך שלאָגען אָב די בלאַנקע שטאַמען. אויבען גרייזלען זיך די בלעטער, אונטען זויגט די לופט די שמעקעדיגע גראָז. א זשומענדע שטילקייט. די נאַטור דרעמעלט אין זיסער מאַטקייט. זי טרוימט פון גליק.

לעוויטאַן האָט געשאַפען א שולע אין פּייזאַזש. אין זיינע טריט איז אוועק א גאַנצע גרופּע מאָסקווער יונגע מאַלער. לעוויטאַנ'ס הארציגע בעציהונג צו דער נאַטור איז געווען פאר זיי אַן ענטפּלעקונג.

לעוויטאַן איז, ווייזט אויס, אין די לעצטע יאָהרען געווען פערנומען מיט א געדאַנק צו שאַפען עטוואָס אויף א אידישען סוזשעט.

„א זומער־טאָג“.

ער האָט איבערגעלאָזען א ניט־דערענדיגטען עטיוד — א רייה גלות געשטאַלטען. האָט עס געזאָלט בעדייטען א צוריקקעהרען צו זיין פאָלק? ווער ווייס. דער פריהצייטיגער טויט האָט אוועקגעטראָגען מיט זיך דעם סוד.

ש. ראָזענפעלד

בריעף איבער דער אידישער ליטעראטור

4. דער הויף פון גער׳ער צדיק.

און ווייל מען וויסען ווי מאָראַליש די מיסטיק צי דאָס חסידות ווירקט אויף איהרע אנהענגער, דארף מען אָט די אָנהענגער בעטראַכטען פון געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט אויס. דאָס הייסט: מען דארף זעהען וויפיעל מאָראַליש בעוואוסטזיין זיי טראָגען אריין אין זייער סביבה, וויפיעל מאָראַל עס שטעקט אין זייערע האַנדלונגען און בעציהונגען, וואָס האָבען א שייכות צו דער ארומיגער געזעלשאַפט.

שוין יאָהרען־לאַנג זינגט אונזערע בעסטע, ווי אונזערע ערגסטע, אין דער שעהנער ליטעראַטור און אין דער מיאוס׳ער מאמאָריסטיק, רופען אונז אהין, אהין — קיין גער. מען רופט אונז אויפ׳ן גערער בית עולם, אין גערער הויף, און פאָלגליך, צו דער גערער קולטור.

שוין יאָהרען־לאַנג, אז דער הויף — אָדער עהנליכע חסידישע הויפען — וואו די מיסטישע וועלט־אנשויאונג לעבט און ווירקט, ווערט געמאָלען פאַר אונז מיט אַלע שעהנע פאַרבען פון רעגען־בויגען. די מענשען, וואָס לעבען דאָרט, אָדער ציהען פון דאָרט זייער גייסטיגע יניקה, ווערען אונז געשילדערט ווי די שטענדיגע דימענט־שלייפער, און ניט פון קיין ערדישע דימענטען. די דאָרטיגע קולטור — —נור, וואָס איז דאָ פיעל צו ריידען? איין ברכה פון צדיק פערטרייבט די מרה שחורה פון דער גאַנצער וועלט... און אז „ער זאָל לעבען“ הויבט אויף א פוס, געהען מלאכים און שרפים טאַנצען...

קומען מיר אהין און קוקען זיך צו, ווי ווערט דאָרט געלעבט? אין פּשטות געלעבט ניט על פּי דרש און ניט אין דער פּאָעטישער אָדער מיסטישער פאַנטאַזיע. וואָס׳ער א מין ליכט ווערט פון דאָרט אויסגעשטראַהלט און ווירקט אויפ׳ן לעבען, וואָס ארום?

מענשען, וואָס פערמאָגען נור פינף חושים וועלען אייך זאָגען, אז אַלע אידישע גרופּען, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט׳ן גערער גייסט, ליגען ווי שטיינער אויף אַלע וועגען, וואָס פיהרען צום אויפלעבען, צו קולטור, צו מענשליכען פאָרטשריט; אז פון דער גאַנצער גער׳ער קולטור איז בחוש נור צו זעהן די גער׳ער „לאָטעריי־צעטלאך“; אז בעת „גראָבע מאַטעריאַליסטען“ ווענדען לאַנג שוין אָן דעם בעגריף „מענש“ אפילו צו די שוואַרץ־הויטיגע נעגרען און ברוין־הויטיגע אינדיאַנער, ווערט נאָך דאָרט, אין די גערס, דער בעגריף „מענש“ פּראַקטיש אָנגעווענדעט נור צום ענגען קרייז פון „אנשי שלומני“, און אַלץ, וואָס שטעהט אויסער דעם קרייז, איז פון טייפעל; אז אין דער פּאָליטיק, וואָס ווערט פון דאָרט אָנגעפיהרט, וועט איהר אומזיסט זוכען א טראָפּען אמת, א ברעקעל אָביעקטיווען יושר, א פונק גערעכטיגקייט, אָדער א טהאַט אָהן פּערזענליכע פניות. עס גילט נור איין כלל: מיין וואויל און דאָס וואויל פון „אנשי שלומני“ איז וויכטיגער, ווי דאָס וואויל פון הונדערטע טויזענדער אַנדערע. און אָט די אַנדערע ווערען בעקעמפפט מיט אַלע ווילדע און אונציכטיגע מיטלען. און אריינקומענדיג אין דער שטאָדט גער — קוים א שעה רייזע פון אזאַ גרויסען קולטור־צענטר ווי וואַרשוי — פיהלט איהר זיך, ווי איהר וואָלט אריינגעפאַלען צווישען ציגיינער, ערגעץ אויף יענער זייט פון די קאַרפּאַטען. אזאַ איינדרוק מאַכען אויף אייך די לעבעדיגע טרעגער פון די מיסטישע ווערטהען מיט זייער אויסערליכקייט, אזאַ איינדרוק מאַכען זיי אויף אייך מיט זייער אינוועניגסטען שטייגער לעבען און האַנדלען.

און פון דער גאַנצער מיסטיק, פון דער גאַנצער קדושה, קוים קומט זי אין בעריהרונג מיט מענשען, מיט׳ן געזעלשאַפטליכען לעבען, ווערט פון איהר איין שטיק אונעהרליכע, געוויסענלאָזע פּאָליטיק.

די גערער פּאָליטיק, ווי יעדע אַנדערע „הייליגע פּאָליטיק“, איז קודם כל געשעפט. דאָס איז אַן אַנגראָ־געשעפט, וואו מען האַנדעלט מיט חסידות און יראת שמים, און איין פירמע קאָנקורירט מיט א צווייטער פירמע, וואָס האַנדעלט אויך מיט דיזעלבע ארטיקלען, און מען קעמפפט ארום פדיון...

און געניגט ניט דעם רבינ׳ס כח צום געשעפט, זעצט זיך אַן אשמדאי אויף שלמה׳ס שטוהל, קומט ער אין האַנדעלס־בעציהונגען מיט די נשות־חיל אין די הויפען, און דאָס געשעפט ווערט געפיהרט ברמה...

טויזענדער פאַקטען פון טאָג־טעגליכען לע־

בען וועלען מיינע בעהויפּטונגען בעשטעטיגען.

און ניטאָ די טומאָה, פון וואַנען די גוט־אידישע קדושה זאָל ניט ציהען איהר יניקה. און ניטאָ די קליפּה, וואָס זאָל זיך ניט שפּייזען פון אונטער דעם גער׳ער „כסא־הכבוד“... גענוג צו דערמאָהנען די גרויסע אחוה און די גרויסע אחדות, וואָס הערשט צווישען די צדיקים, וועלכע זיינען, כידוע, בבחינת משה, און צווישען די אַסימילאַטאָרען, וואָס זיינען, כנהוג, בבחינת „משה רבינו׳ס פּאַליאַקען“.

צי דאַרף מען דען נאָך אונטערשטרייכען, אַז דאָס אַלץ ווערט געטהאָן ניט פון גאָט׳ס וועגען, ניט פון דער תורה וועגען און ניט פון אמונה וועגען, נור פּשוט צוליעב אָנזעהן, צוליעב מאַכט און צוליעב מאַטעריעלע גויט־בעדערפניסען פון דער פּשוט׳ער עולם הזה?

געשעפט איז געשעפט!

אָט אזוי זעהט עס אויס אונטער דער פאָרהאַנג, וואָס אונזערע בעסטע, ווי אונזערע ערגסטע, האָבען פון לויטער ליכט־שטראַהלען געוועבט; אָט אזוי זעהט עס אויס אין דעם פּשוט׳ען, אונז בעגרייפליכען „גער של מטה“. דאָס זיינען די טהאטען, דאָס זיינען די פּרוכטען פון דער מיסטיק און דער מיסטישער וועלט־אנשויאונג נאָך אַן ענטוויקלונג פון לאַנגע דורות. אָט אזוי זעהט אויס דער אידעאַליזם, אזוי זעהט אויס די מאָראַל, וואָס מיר טרעפען אין לעבעדיגען גער אין דעם לעבעדיגען און ווירקענדען חסידות.

אָבער נאָך ערגער איז עס מיט די „געלערנטע מכשפות“, מיט די עולמ׳שע מיסטיקער און מיט די ליטעראַרישע מגידים פון חסידות. דאָ, אין דער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע, איז די גאַנצע מיסטיק, דאָס גאַנצע חסידות געוואָרען ניט בלויז א וואָכענדיג אַרטיקעל, ניט נור אַ קאָנקורענץ־אַרטיקעל, נור עס געהערט בכלל צום מאַרק, צו די פּיער־גראָשען, אזוי ווי יעדע אַנדערע אויסטערליישע סענסאַציע.

און ניט נור די מיסטיק, אפילו גאָט אַליין האָבען זיי אַראָבגעשלעפּט פון הימעל אויף דר׳ערד און איהם אויפ׳ן טהיר פון זייער קראָם אַוועקגעשטעלט, ער בכבודו ובעצמו זאָל העלפען לייזען די פּאָאר גראָשען! און שטעהט דער רבונו של עולם אויפ׳ן טהיר, שטעהען די צדיקים און חסידים ביים שאַנק, יעדער ווען זיין צייט קומט:

היינט רב לוי יצחק בערדיטשעווער, מאָרגען רבי זלמן ליאַדיער און איבערמאָרגען דער פּשיסכער יוד. האַנדעלס־אַנגעשטעלטע זיינען זיי געוואָרען אין די מיסטיק־געוועלבען. און מיט אָט די „האַנדעלס־אָנגעשטעלטע“ טהוט מען אָב כל עבודת פּרך, וואָס עס איז נויטיג צום געשעפט: היינט טהוט מען זיי אָן שטריימלעך פון צדיקים און מ׳ווייזט זיי פאַר׳ן עולם, וואָס האָט בטבע ליעב שטריימלעך, און מאָרגען נעהמט מען דיזעלבע קדושים און מ׳טהוט זיי אָן טאָגעס פון וויסענשאַפטס־מענשען, און מ׳ווייזט זיי פאַר יענע, וואָס האָבען א נייגונג צו וויסענשאַפט.

„ביי אונז“, ב"ה, איז אַלץ צו בעקומען.

מיט א געוויסע צייט צוריק זיינען צו מיר געקומען א פּאָאר אידישע שילער פון די העכערע קלאַסען גימנאַזיאום און געבעטען זיי אָנצואווייזען, וואָסערע ווערק זיי זאָלען שטודירען, כדי זיך צו בעקענען מיט דער ביבעל־וויסענשאַפט, אָדער ביבעל־קריטיק. דערביי האָבען זיי מיר דערצעהלט, אַז זיי זיינען זייערע א גאַנצע גרופּע, מיט וועלכער עס פיהרט אָן דער „גרויסער געלעהרטער“, וועלכער גילט אין אַנדערע נאַאיווע קרייזען ווי א גרויסער מקובל. ביז איצט — האָבען זיי דערצעהלט — האָבען זיי שוין דורכגעשטודירט דעם תנך מיט׳ן אַלשיך. די ערשטע וויסענשאַפט האָבען זיי שוין, הייסט עס, דורכגעמאַכט. איצט ווילען זיי ווייטער געהן אין דער וויסענשאַפט.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די וויסענשאַפט, וואָס הויבט זיך אָן מיט׳ן אַלשיך, מוז זיך אויסלאָזען מיט׳ן „בעל הטורים“ און „שפתי חכמים“, און דאָס האָב איך זיי אויך געראַטהען.

אָט אזוי געהט עס צו מיט דער מיסטיק ביי איהרע עולם׳שע אנהענגער.

דאַרף מען, נעהמט מען די גרויסע מיסטיקער און די מקובלים און מען מאַכט זיי פאַר פּשוט׳ע משרתים אין קראָם, דאַרף מען — צום עסק — ווערען דיזעלבע מקובלים און מיסטיקער וויסענשאַפטלער און ביבעל־קריטיקער. פאָדערט נור דאָס געשעפט, גיט מען זיי גאָר האַלז־און־נאַקען, און אויף זייער אָרט אין קראָם שטעלט מען אוועק שדים. טרייבט די פּאָליציי ארויס די שדים, פערנעהמט זייער אָרט א וואַסער־מיידעל. שטאַרבט דאָס שוואַכע וואַסער־מיידעל, שיקט דער אויבערשטער צו אַ שטאַרקען טשעמפּיאָן, אַ צדיק און ירא שמים און א נאַציאָנאַליסט, און עד העלפט ביים פּדיון. און אַז דער טשעמפּיאָן ווערט פערשוואונדען, בעווייזט זיך ווידער אין קראָם דער אָרימער רב לוי יצחק בערדיטשעווער, רב זלמן ליאַדיער, דער פּשיסכער יוד און — דאָס רעדעל דרעהט זיך, דאָס געשעפט געהט... און דאָס איז אויסגעהאַלטען, דאָס איז קאָנזעקווענט!

וואָרום ווער עס הויבט זיך אָן צו שפּיעלען מיט מלאכים, דער מוז נאָכדעם קומען צו שדים, פון שדים צו רוחות און פון רוחות צו אַלדי רוחות — וויל מיסטיק און מיסטיפיקאַציע זיינען צוויי לייבליכע שוועסטער.

(ווייטערע בריעף קומען).

ד"ר. אסתר לוריע

די בעריהמטע אידישע סאלאן-פרויען

דאָראָטהעאַ מענדעלזאָהן.

דאָראָטהעאַ מענדעלזאָהן, אזוי ווי הענריעטאַ הערץ און ראַהעל לעווין, איז געוועזן איינע פון די בעריהמטסטע פרויען פון איהר צייט. איהר בעדייטונג ליעגט אָבער ניט אין איהרע פערזענליכע בעציהונגען צו די גרויסע מענער און אויך ניט אין איהרע בריעף; דאָראָטהעאַ איז אַליין געוועזן א שריפטשטעלערין און א טהעטיגער און איינפלוסרייכער מיטגליעד פון דער דייטשער ראָמאַנטיק.

די הויפט טרייב־קראַפט פון איהר לעבען איז געוועזן ליעבע. זי האָט געהערט צו יענע ווייבליכע נאַטורען, פאַר וועלכע ליעבע איז אַלעס. די ליעבע בעשטימט איהר גאַנצע טהעטיגקייט, איהר רעליגיאָן, איהר געשמאַק, איהרע אינטערעסען, איהרע איבערצייגונגען. די ליעבע בעשטימט איהר אנגעהעריגקייט צו דער ראָמאַנטיק, אויך איהר גאַנצע שריפטשטעלערישע טהעטיגקייט.

איין מאָל האָט זי געליעבט, דאַן זיינען די אינטערעסען און די מיינונגען פון איהר געליעבטען געוואָרען איהרע אינטערעסען און איהרע מיינונגען. זי האָט צוויי מאָל אונטער'ן איינפלוס פון פרידריך שלעגעל געביטען רעליגיאָנען, און ביידע מאָל אויפריכטיג. און ווען איהר געליעבטער איז געוועזן אין נויט, האָט זי געמאַכט פאַר איהר אויפגאַבע איהם ארויסצוהעלפען. דערביי האָט זי ארויסגעוויזען מערקווירדיגע זעלבסט־אויפאָפפערונג — זי האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט, קיין זאַך איז איהר ניט שווער געוועזן.

דאָראָטהעאַ, אָדער ברענדעל מענדעלזאָהן, ווי זי האָט זיך פריהער גערופען, איז געוועזן די עלטסטע טאָכטער פון משה מענדעלזאָהן, דעם בעריהמטען אידישען געלעהרטען און פילאָזאָף. זי איז געבאָרען געוואָרען אין בערלין, דעם 24 אָקטאָבער, אין יאָהר 1763.

דאָראָטהעאַ איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין זעהר גוטע בעדינגונגען. ניט רייך איז געוועזן איהר פאָטער, ער האָט אָבער געגעבען די קינדער זיינע זעהר א גוטע ערציהונג. ער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלד אויף די בעסטע לעהרער־ספּעציאַליסטען. ער אַליין האָט אויך אָפּגעגעבען פיעל צייט זיינע קינדער. פאַר זיי האָט ער איבערגעזעצט די ביבעל אין דייטש; פאַר זיי האָט ער געשריבען די „מאָרגען־שטונדען" — דאָס זיינען פילאָסאָפישע בעטראַכטונגען איבער רעליגיאָן, וועלכע ער האָט געשריבען איינינע שטונדען טעגליך, פון 5 אין דער פריה, און דערפאַר האָט ער עס אָנגערופן די מאָרגען־שטונדען".

זיין הויז האָט מענדעלזאָהן געפיהרט אָרטאָדאָקסאַל־אידיש. ער איז געוועזן א פרומער איד. זיין פרומקייט אָבער, האָבען פיעלע

דאָראָטהעאַ מענדעלזאָהן (1763–1839).

געמיינט, איז געוועזן אויסערליך — עס האָט געפעהלט אין איהר די נשמה, און דערפאַר, ערקלערען זיי, האָט זיין פרומקייט ניט געקאָנט ווירקען אויף די קינדער, וועלכע זיינען געבליבען גלייכגילטיג צו רעליגיאָן. הענריעטאַ הערץ זאָגט אָבער, אז מענדעלזאָהן איז געוועזן אמת־פרום, אז די רעליגיעזע טראַדיציעס זיינען פאַר איהם געוואָרען א געוואוינהייט, און ער האָט זיי אָבגעהיט מיט גלויבען און וואַרימקייט.

דאָ איז אַן אָרט אויפצואווייזען אויף דעם,

אז נאָך איצט זיינען איינינע ערנסטע גע־
לעהרטע אונגערעכט געגען מענדעלזאָהנ'ען, ווען
זיי מיינען, אז דער דיינקער — דער ראַציאָנאַ־
ליסט, — איז געווען א קאַלטער מענש סיי אין
לעבען, סיי אין דער וויסענשאַפטליכער ארבייט.
ניט קאַלט איז דער געלעהרטער, וועלכער קאָן
ניט ארבייטען און פיהרען זיין וויסענשאַפט־
ליכע קאָרעספאָנדענץ, ווען זיין פרוי איז
קראַנק; ניט קאַלט איז דער מענש, וועלכער
איבערזעצט די ביבעל מיט אזא צערטליכער
אויפמערקזאַמקייט: „יאָ, איך האָב ניט איבער־
געזעצט — שרייבט ער — די פסאַלמען אין
אָרדנונג, איינעם נאָך דעם אַנדערען, נור איך


שמעון פייט, דאָראָטהעאַ'ס ערשטער מאַן.

פלעג אימער אויסקלייבען א פסאַלם, וואָס
פלעגט מיר אין יענע צייט געפעלען. דאָס
פלעגט געוועהנליך זיין א פסאַלם, וואָס איז גע־
ווען צוגעפאַסט צו מיין דאַמאָלסדיגער שטימונג".

דאָס דערצעהלט מענדעלזאָהן אין דער
פאָררעדע צו דער פסאַלמען־איבערזעצונג.

אזוי איז דאָראָטהעאַ ערצויגען געוואָרען
אין א הויז, וואו עס האָבען געהערשט ליעבע
און אויפקלערונג. איהרע גייסטיגע פעהיגקיי־
טען האָבען איהר געגעבען די מעגליכקייט פיעל
און גרינדליך צו לערנען. מיט איהר הייסען
טעמפעראַמענט האָט זי זיך געפיהלט, ווי א
פיש אין וואַסער, אין דער וואַרימער פאַמיליען־
אַטמאָספעערע. זי האָט זיך דארום געפיהלט
זעהר ניט גוט, ווען דער פאָטער האָט זי
חתונה געמאַכט פאַר א מענשען, וואָס איז
גייסטיג און מאָראַליש געשטאַנען נידריגער פון
איהר — פאַר א מענשען, וועלכען זי האָט ניט
געליעבט, און וואָס איז איהר געווען גאַנץ
פרעמד. דער פאָטער האָט חתונה געהאַט אויס
ליעבע, די טאָכטער מאַכט ער אָבער חתונה
פאַר א מענשען, וואָס ער האָט אליין אויסגע־
קליבען. דאָס איז געווען זיין מיינונג, אז מיט
די געפיהלען פון די פרויען דאַרף מען זיך ניט
רעכענען. פריי פון די טראַדיציעס, וואָס האָ־
בען געהערשט אין יענער צייט, איז אויך דער
גרויסער אידישער רעפאָרמאַטאָר ניט געווען.

אמת, דער מענשען־קענער מענדעלזאָהן
האָט ריכטיג בעמערקט די גייסטיגע און מאָראַ־
לישע מעלות פון זיין איידים, שמעון פייט,
וועלכע האָבען זיך שפּעטער ווירקליך פיין ענט־
וויקעלט. אָבער מיט דעם פאָטער'ס אויסזיכ־
טען אויף דער צוקונפט האָט דאָראָטהעאַ ניט
געקאָנט זיין צופריעדען אין דער געגענוואַרט,
און זי האָט זיך געפיהלט אומגליקליך. דערפון
ווייס גאָרניט איהר מאַן, וועלכער רעכענט
זייערע אויסערליך־גוטע פערהעלטניסע פאַר א
גליקליכעם לעבען.

דאָראָטהעאַ'ס פריינד האָבען איהר געראַ־
טהען, צו גט'ן זיך מיט איהר מאַן. זי קאָן
אָבער זיך ניט ענטשליעסען אויף דעם שריט;
זי וויל ניט אָנטהאָן עגמת נפש דעם פאָטער,
וועלכען זי פערעהרט. אויך קאָן זי דאָס ניט
טהאָן נאָך דעם פאָטער'ס טויט טיילס צוליעב
איהר זוהן, טיילס צוליעב דעם, וואָס עס לעבען
נאָך אין איהר די מאראַלישע טראַדיציעס,
וועלכע ערלויבען ניט אזא שריט. אָבער די
בעקאַנטשאַפט מיט פריעדריך שלעגעל'ן און די
ליידענשאַפט צו איהם קעהרען איבער אלעס
קאַפויר און בעשטימען איהר ווייטערעס לעבען.

דאָראָטהעאַ שליסט בעקאַנטשאַפט מיט
שלעגעל'ן אין הויז פון הענריעטאַ הערץ. דאָ־
ראָטהעאַ איז דאַן אלט 34 יאָהר און שלעגעל
25. שוין די ערשטע צוזאַמענקונפט האָט א
בעדייטונג פאַר ביידען. דאָראָטהעאַ איז בע־
גייסטערט פון ערשטען בליק, אויך זי מאַכט
אויף שלעגעל'ן א טיעפען איינדרוק, ניט קו־
קענדיג אויף דעם, וואָס זי איז זעהר ניט שעהן.

שלעגעל האָט שוין פערדיענסטע אין דער
וויסענשאַפט, ניט קוקענדיג אויף זיינע 25
יאָהר. מיט זיין ווערק „די שולען אין דער
גריכישער פאָעזיע" האָט ער געצויגען אויף זיך
די אויפמערקזאַמקייט פון ווינקעלמאַנ'ען (א
בעדייטענדער קונסט־היסטאָריקער).

עס איז צו בעוואונדערען שלעגעל'ס פיעל־
זייטיגקייט: פילאָזאָפיע, פילאָלאָגיע, געשיכטע,
עסטעטיק—דאָס אלעס בעהערשט דער יונגער
שלעגעל. „ער האָט אזא אָריגינעלען גייסט, וועל־
כער שטעהט העכער פון אלע אַנדערע דאָ, אין
בערלין, וואו עס פעהלען ניט קיין טאַלענטען"
— שרייבט שלייערמאַכער וועגען איהם.

דאָס איז גערעדט וועגען שלעגעל'ן, אלס געלעהרטען. אלץ מענש שטעהט ער אָבער ניט העכער פון פיעלע אַנדערע אין בערלין. ער איז אַן אָריגינעלע פיעלזייטיגע פערזענליכקייט. איהם פעהלט אָבער די זעלבסט־בעהערשונג און דאָס פפליכט־געפיהל. פריעדריך שלעגעל איז געוועזן דער בעגרינדער פון דער ראָמאַנטישער שולע אין דייטשלאַנד. וועגען דיזער שולע מוז איך דאָ ריידען, ווייל אָהן דעם מאַנטיקער דער מענש, וואָס דריקט אויס אין לעבען אם פולסטען זיין אינדיווידואליטעט. די ראָמאַנטיקער, וועלכע פיהרען דורך זייער לעהרע אין דער ווירקליכקייט, לעבען פרייער און אונאבהענגיגער, ווי אַנדערע מענשען. פריי זיינען זייערע בעציהונגען צו די פרויען. די פרייע ליעבע פיהרען זיי דורך אין לעבען.

די ראָמאַנטיקער ווילען מיט זייער צוזאַ־

פריעדריך שלעגעל.

מענלעבען און צוזאַמענווירקען פאָלשטענדיג איז אונמעגליך צו פערשטעהן דאָראָטהעאַ'ס ווייטערעס לעבען.

די פאָלקאָמענע ענטוויקלונג פון דער אינדיווידואליטעט איז דער אויסגאַנגס־פונקט פון דער דייטשער ראָמאַנטיק. דער אינדיווידואום זאָל אין זיין ענטוויקלונג אָדער בילדונג (בילדונג איז דאָס ליעבלינג־וואָרט פון דער דייטשער ראָמאַנטיק) ניט בעגעגענען קיינע שטערונגען. און דאַרום דאַרף ער זיך ניט רעכענען מיט דער עקזיסטירענדער מאָראַל און מיט דער עפענטליכער מיינונג — מאָראַליש איז פאַר די ראָ־

ענטוויקלען דאָס אינדיווידואום. און דאַרום שטרעבען זיי וואָס ברייטער ארומצוכאַפּען די גאַנצע וועלט אין דער וויסענשאַפט, אין דער קונסט און אין לעבען. „די ראָמאַנטישע פּאָעזיע דאַרף זיין א שפּיעגעל פון דער גאַנצער אַרומיגער וועלט". זיי זיינען דעריבער קיין מאָל ניט פאַרטיג, זיי האַלטען זיך אלץ אין איין בילדען, ענטוויקלען. זיי ווילען פערשטעהן דעם כאַראַקטער און די ליטעראַטור פון אלע צייטען און אלע פעלקער. זייער אַרבייט אין

דיעזער ריכטונג איז זעהר וויכטיג. פּר. שלעגעל׳ס ברודער, אויגוסט ווילהעלם שלעגעל, גיט אין דער דייטשער שפּראַך די ערשטע קינסטלערישע, און ביז היינטיגען טאָג די איינציגע, שעקספּיר־איבערזעצונג. אַנדערע ראָמאַנטיקער איבערזעצען איטאַליעניש, שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע פּאָעטען. אויף דיעזען וועג קומען זיי אויך צו דער מיטעלאַלטערליכער ליטעראַטור, ספּעציעל צו דער דייטשער פּאַטריאַטישער ליטעראַטור און קונסט. זיי געהען נאָך ווייטער — פּר. שלעגעל פאָרשט די אינדישע שפּראַך און בעגרינדעט מיט דעם די וויסענשאַפט פון די פערגלייכענדע שפּראַכען. אין זייער שטרעבונג ארומצוכאַפּען די גאַנצע וועלט, קומען זיי אויך צו דער געשיכטליכער פאָרשונג.

די ראָמאַנטיקער ווילען אָבער אויך אין זייער



יאָהאַן פייט.

פּאָעזיע ארומכאַפּען דורכאויס די גאַנצע וועלט. ווי אזוי איז דאָס מעגליך? — דורך די פאַנטאַזיע — זאָגט פּר. שלעגעל. די ראָמאַנטיק איז פאַר איהם די „פּאָעזיע דער פאַנטאַזיע“. און אָט דאָ קומען מיר צו זייערע שוואַכסטע פּונקטען. פיעלע פון די ראָמאַנטישע ווערק זיינען פאַנטאַסטיש, ניט רעאַל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין דער טעאָריע ווילען זיי צונויפגיסען צוזאַמען די קונסט און דאָס לעבען. אזוי ווי זיי ווילען נאָך דערצו ניט אַנערקענען די גרענעצען צווישען פּאָעזיע און וויסענשאַפט, געפינען מיר אין זייערע ווערק צופיעל געדאַנקען. זייערע פערזאָנען זיינען אָפט נור סקעלעטען אָנגעטהאָן אין געדאַנקען. נאַטור־טרייע לעבענס־שילדערונגען, כאַראַקטערע, טיפּען טרעפען מיר זעלטען אין דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע.

עס זיינען צווישען די ראָמאַנטיקער געווען טאַלאַנטפולע דיכטער ווי טיעק, נאָוואַליס און וואַקענראָדער. ראָמאַנען אָבער האָבען אויך די ניט־טאַלאַנטפולע געשריעבען. פר. שלעגעל האָט אין זיין ראָמאַן „לוצינדע“ אויסגעדריקט די טענדענצען פון דער ראָמאַנטישער שולע. ער מיינט, אז דער ראָמאַן איז די העכסטע פּאָעטישע פאָרם, ווייל ער נעהמט ארום דאָס גאַנצע לעבען פון מענשען.

דאָס איז אין קורצען די כאַראַקטעריסטיק פון דער ראָמאַנטישער שולע.

וואָס פאַר א ראָלע האָט דאָראָטהעא געשפּיעלט צווישען די ראָמאַנטיקער?

„זי האָט מיט קיהנער ענטשלאָסענהייט צוריסען אַלע פערקניפּונגען און פאָראורטהיילע און געלעבט פריי און אונאָבהענגיג“ — שרייבט שלעגעל אין זיין ראָמאַן וועגען לוצינדען (לוצינדע — דאָראָטהעא).

אונטער׳ן איינפלוס פון דער ראָמאַנטיק גט זיך דאָראָטהעא מיט איהר מאַן און לעבט מיט שלעגעל׳ן, ניט חתונה האָבענדיג מיט איהם אָפיציעל. זי דערצעהלט עס אליין אין א בריעף צו ברינקמאַנ׳ען: „איך האָב געהאַנדעלט לויט מיינע איבערצייגונגען; איך קאָן מיר ניט פערצייהען, וואָס איך האָב דאָס ביז אהער ניט געטהאָן. איך קען זיך פערטיידיגען נור דערמיט, וואָס איך האָב מיינע אייגענע רעכטע ביז אהער גאָרניט געקענט“.

נאָכ׳ן גט מיט׳ן מאַן איז איהר טהעטיגקייט אין גאַנצען אָבהענגיג פון שלעגעל׳ן. זי איז אין איהם בלינד פערליעבט. ער איז פאַר איהר דער גרעסטער מענש. ער איז פאַר איהר „צווישען די מענשען, ווי די אָרגעל צווישען די אינסטרומענטען“. זי האַלט איהם פאַר׳ן גרעסטען שריפטשטעלער. זיין שלעכטער ראָמאַן „לוצינדע“, מיינט זי, האָט אַן אייביגע בעדייטונג.

זי טהוט פאַר איהר פריעדריכען די אַרבייט פון א סעקרעטער. אין זיין נאָמען פיהרט זי די געשעפטליכע קאָרעספּאָנדענץ מיט די מיטגליעדער פון דער ראָמאַנטישער שולע. שלעגעל׳ס מאַטעריעלע לאַגע צווינגט זי אויך צו ווערען א שריפטשטעלערין. זי נעהמט זיך צום שרייבען נור דערפאַר, ווייל זי זוכט צו פערדיענען, כדי איהר פריעדריך זאָל קאָנען זיין אונאָבהענגיג אין זיין שריפטשטעלערישער טהעטיגקייט. איהר ניט־געענדיגטער ראָמאַן „פלאָרענטין“ איז געמאַכט געוואָרען לויט אַלע טענדענצען פון דער ראָמאַנטישער שולע. עס ווערט דאָרט געשילדערט, ווי אין די אַלע ראָמאַנען פון דיעזער שולע, א קינסטלער. דער קינסטלער איז, לויט די ראָמאַנטיקער, דער מענש פון פאַנטאַזיע, וואָס שטרעבט ארומצונעהמען די גאַנצע וועלט. „פלאָרענטין“ איז געשריעבען מיט טאַלאַנט. דאָראָטהעא׳ס ראָ־

מאַן שטעהט קינסטלעריש פּיעל העכער, איידער שלעגעל'ס „לוצינדע". דאָראָטהעא אָבער איז צו בעשיידען, זי בעטראַכטעט זיך אַלס א האַנדווערקערין און וויל זיך אַפּילו אונטער'ן ראָמאַן ניט אונטערשרייבען. דער ראָמאַן ווערט געדרוקט אונטער שלעגעל'ס נאָמען. אין די שפּעטערע יאָהרען, ווען פריעדריכ'ס מאַטעריעלע לאַגע איז זיכער, וויל זי שוין אויפגעבען איהר שרייבען. זי נייהט העמדער. איהרע בעקאַנטע פרעגען, פאַרוואָס שרייבט זי ניט בעסער ביכער? ענטפערט זי איראָניש: „מען שרייבט צו־פיעל ביכער, מען נייהט אָבער ניט צו־פיעל העמדער".

אַלס א מיטגליעד פון דער ראָמאַנטישער שולע בעשעפטיגט זי זיך אויך מיט דער מיטעלאַלטערליכער פּאָעזיע, וועלכע זי זאַמעלט צונויף און איבערזעצט פון מיטעלאַלטערליכען דייטש און פראַנצויזיש.

נאָך אין פּאַטער'ס הויז, אויך אַלס פייט'ס פרוי, איז דאָראָטהעא גלייכגילטיג צו רעליגיאָן. אַלס מיטגליעד פון דער ראָמאַנטישער שולע ווערט זי אָבער שפּעטער אָנגעשטעקט מיט רעליגיעזיטעט. דאָס ווערט דאַן א מין עפּידעמיע. זי בעשעפטיגט זיך טעאָרעטיש מיט רעליגיעזע פראַגען. זי קלערט אָבער ניט, די ערשטע צייט נאָכ'ן גט, וועגען שמד'ן זיך, ווייל זי וויל בלייבען נאָהענט צו איהרע צוויי אידישע זיהן פון דעם ערשטען מאַן (דער אינגערער זוהן איז מיט איהר). איהרע רעליגיעזע אַנשויאונגען זיינען אָבער דאַן ניט פעסט. דאָ מיינט זי, אַז ווען זי וואָלט זיך שוין יע גע'שמד'ט, דאַן וואָלט זי אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה. מיט א פּאָאַר יאָהר שפּעטער שרייבט זי אָבער: „איך לעז אויפמערקזאַם ביידע טעסטאַמענטען, און געפין דאָס פּראָטעסטאַנטישע קריסטענטום ריינער און מיט מעהר מעלות, ווי דאָס קאַטוילישע. די קאַטוילישע אמונה איז צו ענהליך צום אַלטען יודענטום, וועלכעס איך האַס שרעקליך". זי רעכענט זיך אין הארצען פאַר א פּראָטעסטאַנטין, געפינט אָבער, אַז שמד'ן זיך איז ניט נויטיג. ענדליך אָבער, אונטער'ן איינפלוס פון איהרע פריינד, שמד'ט זי זיך יע. דאָס איז געשעהן אין פּאַריז אין 5 יאָהר ארום נאָך איהר גט'ן זיך מיט פייט'ען. זי ווערט א פּראָטעסטאַנטין און האָט חתונה מיט שלעגעל'ן.

פריעדריך הויבט אָבער אָן באַלד צו זוכען א נייע רעליגיאָן. ער וויל זי זאָל דוקא זיין די עלטסטע, און פון די קריסטליכע איז עס די קאַטוילישע. זייט 1805 ווייזט ער ארויס זיין סימפּאַטיע, זיין נייגונג צו דיזער רעליגיאָן. אין 3 יאָהר ארום געהט ער איבער אין קעלן צום קאַטוילישען גלויבען. זיין טהייערע פרוי, וועלכע איז כמעט תמיד איינשטימיג מיט זיינע אַנזיכטען, שמד'ט זיך צוזאַמען מיט איהם נאָך א מאָל. מעגליך, אַז דער אינטערעס צו דער מיטעלאַלטערליכער ליטעראַטור האָט אין איהר אויפגעלעבט דעם אינטערעס צו דער רעליגיאָן פון דיזער עפּאָכע. יעדענפאַלס, שלעגעל'ס איינפלוס שפּיעלט אויך אין צווייטען שמד א ראָלע. אויך צו דער מיטעלאַלטערליכער פּאָעזיע קומט זי דורך שלעגעל'ן.

עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז אַלס קאַטויליקער ווערט שוין שלעגעל אַן אָנהענגער פון אַן אבסאָלוטער מאָנאַרכיע. דער הויפּט פון די ראָמאַנטיקער ווערט א רעאַקציאָ־

פהיליפּ פייט, זעלבסטפּאָרטרעט.

נער. פריהער איז ער אין זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען געווען פּראָגרעסיוו. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט ער געהאַלטען אַלס איינעם פון די גרעסטע אויפטהוען פון זיין צייטאַלטער (די אַנדערע צוויי זיינען ביי איהם געווען — געטהע'ס „ווילהעלם מייסטער'ס לעהריאַהרען" און פיכטע'ס „וויסענשאַפטסלעהרע").

און דאָראָטהעא פאָלגט איהם נאָך. זי איז פול טעמפּעראַמענט. אַלץ וואָס זי טהוט, טהוט זי מיט'ן גאַנצען הארצען. זי ווערט א פרומע, ערנסטע קאַטויליקין. זי ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר איבערצייגט אין די אמת'ן

פון קאטוליציזם, ניט־קאטוליקער בעדויערט זי, ווייל זי מיינט, אז זיי זיינען אויפ'ן פאלשען דרך. מיט דער קראפט פון איהר איבערצייגונג ווירקט זי אויף אנדערע: קאטוליש ווערט איהר שוועסטער, קאטוליש ווערען איהרעביידע זיהן, טאלאנטפולע מאלער, מיט וועמעס בילדער זיינען פערפוצט די קאטולישע טעמפעלס, קאטוליש ווערט שלעגעל'ס פלימעניצע. מיט איין וואָרט, כמעט אלע, וואָס קומען מיט איהר אין נאָהענטע בעציהונגען, זיינען אונטער איהר ווירקונג, און ווערען פרומע קאטוליקען.

איהר היימאט איז דאָרט, וואו עס געפינען זיך די קאטולישע קירכען. די רייהן־שטעדט, די קלעריקאלע צענטרען פון דייטשלאנד — זיינען איהרע ליעבלינגס־שטעדט. שטארק צוגעבונדען איז זי צו דער אלטער קאטולישער שטאָדט קעלן, צו דרעזלבער שטאָדט, אין וועלכער אידען האָבען ניט געטאָרט זיין 400 יאָהר, און וואו נאָך איצט געפינען זיך אין גאנצען 2% אידען. צוליעב איהר „אזיאטישע אָבשטאמונג" ליעבט זי ניט, ווי אנדערע בערלינער, איהר געבורטסשטאָדט. וועגען אידען רעדט זי זעלטען. אלע מאָל אָבער מיט האס. דעם פאָטער דערמאָהנט זי אין איהרע בריעף: ווען מיין גרויסער, מיין געליעבטער פאָטער איז געשטאָרבען, בין איך א צייט געוועזן דערשלאָגען און צומישט". שלעגעל'ס ביאָגראף, פייכטערסלעבען, דערצעהלט, אז זי האָט תמיד געהאלטען יאָהרצייט.

מיט שלעגעל'ן פיהרט זי אן אונרוהיגעס לעבען. זי איז מיט איהם אין בערלין, יענא, פאריז, קעלן, פראנקפורט, דרעזדען, רוים און וויען, וואו זי בלייבט א לענגערע צייט. אָפט מוז שלעגעל אָבפאָהרען און זי בלייבט אליין. א האלבעס לעבען מיט שלעגעל'ן איז זי אין נויט, טראָגט דאָס אָבער אריבער שטאָלץ און זוכט מיטלען צו ערלייכטערן די לאגע. אין פאריז גיט זי מיטאָגען, אבי נור דורכצולעבען די שלעכטע צייט.

ווען דאָראָטהעא איז אוועק פון איהר אידישען מאן, דעם קויפמאן שמעון פייט, איז זי שוין געוועזן א מוטער פון פיער זיהן. צוויי פון זיי, יאָהאן פייט און פהיליפּ פייט, זיינען נאכהער געוואָרען בעריהמטע מאלער.

דאָראָטהעא איז א הייסע, ליעבענדע מוטער. זי ליידט פיעל, וואָס זי איז צושיידט מיט די זיהן. דער אינגערער זוהן, פהיליפּ, איז געוועזן מיט איהר אייניגע יאָהר. די זיהן טרעפען זיך מיט איהר פון צייט צו צייט, און זיי שרייבען זיך מיט איהר אָפט דורך. זי ווירקט אויף זיי אין רעליגיעזען זין שלעכט, אין אנדערע בעציהונגען אָבער גוט. עס הערשט א פריינדשאפטליכע בעציהונג צווישען דער מוטער און די זיהן. זי פערשטעהט איהרע פעהיגע קינדער, זי גיט זיי עצות אין זייער שטודיום און אין לעבען. זי ענטוויקעלט אין זיי דאָס פפליכט־געפיהל.

אינטערעסאנט זיינען די בעציהונגען צווישען דאָראָטהעא און איהר ערשטען מאן. ער איז א קויפמאן, אָבער א הויך־איידעלער מענש. און דאָס צייגט זיך ארויס אין זיינע בעציהונגען צו דאָראָטהעא'ן אפילו שוין נאָכ'ן גט. בעת מיט שלעגעל'ן, צוליעב וועלכען זי האָט פערלאָזען איהר פאמיליע, איהר גלויבען און איהר פאָלק, פייניגט זי זיך זעהר פיעל, ווערט זי אונטערשטיצט גראדע פון איהר אידישען מאן, און ער טהוט עס אויף אזא אופן, אז זי ווייס ניט, פון וועמען זי בעקומט עס אזוי פרייגעביג די שטיצע. דאָראָטהעא שרייבט זיך דורך מיט איהר ערשטען מאן אָפטמאָל בנוגע די קינדער. זיי אינטערעסירען זיך אויף פערזענליך איינער מיט דעם אנדערן. דאָראָטהעא ענטוויקעלט אין די זיהן גוטע געפיהלען צו זייער פאָטער, וועלכען זיי ליעבען און אכטען. ווען ער פאָהרט צו זיי קיין רוים, שטרעבען די קינדער צו ווירקט אויף איהם, ער זאָל זיך אויך שמד'ן. דאָראָטהעא ראטה זיי ניט אָפּ דערפון. זי שרייבט זיי אָבער, זיי זאָלען זיין פאָרזיכטיג מיט דעם פאָטער און ניט בעליידיגען זיינע נאציאָנאלע געפיהלען. (ער בלייבט א איד).

דאָראָטהעא האָט פערנומען ביז'ן סוף פון איהר לעבען זעהר א הויכע שטעלונג צווישען דער גייסטיגער אריסטאָקראטיע פון אייראָפּא. איבעראל, אין אלע שטעדט, וואו זי האָט נור מיט שלעגעל'ן אומגעוואנדעלט, איז איהר הויז געוועזן דער מיטעלפונקט פון די געבילדעטסטע מענשען — פון געלעהרטע, קינסטלער. אלס א הויך־בעגאבטע פערזאָן, מיט גלענצענדע פעהיגקייטען און גרויס בילדונג, האָט זי איבעראל געשפיעלט א גרויסע ראָלע. די אנדערע צוויי בעריהמטע משומדת'טעס, הענריעטא הערץ און ראהעל לעווין, וועגען וועלכע איך האָב געשריעבען אין די פאָריגע ארטיקלען, זיינען איהרע נאָהענטע פריינד. דאָראָטהעא איז מיט זיי בעפריינדעט געוועזן דאָס גאנצע לעבען. זיי קענען זיך נאָך אלס מיידלאך אין בערלין. זיי שרייבען זיך נאכהער שטענדיג דורך צווישען זיך. העגריעטא איז ביי איהר אין רוים און איז זעהר בעליעבט ביי איהרע זיהן.

נאָך שלעגעל'ס טויט לעבט דאָראָטהעא מיט איהר זוהן פהיליפּ, א פרומער קאטוליק און א גרויסער מאלער. זיין טאלאנט ווידמעט ער נור דער קאטולישער קירכע.

דאָראָטהעא שטארבט אין 1839, 76 יאָהר אלט.

עס איז שמערצליך צו דענקען וועגען דעם. אלע בעריהמטע פרויען — העגריעטא הערץ, ראהעל לעווין, דאָראָטהעא שלעגעל — אלע

שמד'ן זיי זיך. כמעט ביי זיי אַלע זיינען די אורזאַכען געווען ריין־פּערזענליכע, אויך האָט דאָ מיטגעווירקט דער פאַקט, וואָס זיי זיינען ווייט געשטאַנען פון אידישען לעבען, און אויך אַלגעמיינע רעליגיעזע שטימונגען פון יענער צייט. דאָס שמד'ן זיך אין יענער צייט איז געווען מאַסענהאַפט. דאָס איז געווען א ריכטיגע עפּידעמיע.

אונזער גרויסער היסטאָריקער גרעץ זאָגט, אז אין א משך פון 30 יאָהר האָט זיך אין בערלין אליין אויסגע'שמד'ט א העלפט פון דער אידישער געמיינדע. דאָס איז ניט גאַנץ ריכטיג. זיינע שילער ווייזען אויף, אַז גרעץ האָט די צאָהל ניט בעגרינדעט, ער בערופט זיך אויף ראַהעל'ס א בריעף, אין וועלכען זי קלאָגט, אַז די אידען פון בערלין הערען ניט אויף צו שמד'ן זיך, און דאָס א העלפט ווערט קריסטליך. זי נעהמט די העלפט ריין בילדליך, גרעץ אָבער נעהמט די צאָהל סטאַטיסטיש.

העלפט, ניט העלפט — גרויסע מאַסען אידען האָבען זיך דאַן גע'שמד'ט. פון די צאָהלרייכע מענדעלזאָהנ'ס אייניקלאך איז נור איין איינציגער געבליבען א איד. די איבריגע האָבען זיך אַלע צו'שמד'ט. מיט'ן שמד האָבען זיך פאַר זיי געעפענט די בעסטע און גרעסטע מעגליכקייטען. די אידען אין דייטשלאַנד, אונגעאַכטעט אויף זייער רייכטהום, בילדונג און פעהיגקייט, זיינען שרעקליך בעשריינקט געווען אין זייערע רעכטע. און גראַדע די געבילדעטסטע און די גייסטרייכסטע אידען האָבען עס אם שטאַרקסטען געפיהלט. די אידען האָבען אין פיעלע פלעצער ניט געטאָרט זיין אפילו קיין יוריסט, אפילו ניט קיין אַפּטייקער. וועגען עפענטליכע שטעלען איז ניטאָ וואָס צו ריידען. און די אידישע יוגענד האָט זיך א שאָט געטהאָן פון די אוניווערזיטעטען גלייך אין די קירכען אריין, וואו אַלע גליקען, וואָס בילדונג, טאַלאַנט און פעהיגקייט קענען געבען, האָבען זיי געשמייכעלט און געצויגען. די אויסגע'שמד'טע פאַמיליע מענדעלזאָהן אליין האָט ארויסגעשטעלט א גאַנצע און גלענצענדע רייהע פון בעריהמטע ארטיסטען און געלעהרטע פראָפעסאָרען — שריפטשטעלער, מוזיקער, היסטאָריקער, מאַלער, מאַטעמאַטיקער, יוריסטען און ז. וו. און ז. וו.

פאַר דער אידישער נאַציאָן זיינען זיי אָבער שוין אַלע און אויף אייביג געגאַנגען פערלאָרען.

ש. ראבינאָוויטש.

צווישען די רוסישע זשורנאלען

(וועגען ארציבאַשעוו'ס „אייפערזוכט“)

ווגען ארציבאַשעוו'ס „אייפערזוכט“ האָט מען אָנגעהויבען צו טומלען נאָך איידער עס איז ערשיענען אין דער פּרעסע און נאָך פריהער ווי עס איז אויפגעפיהרט געוואָרען אויפ'ן סטיידזש. היינט נאָך וואָס פאַר א טומעל! עס האָט, בפועל ממש, אויפגערודערט ניט בלויז די פּראָווינץ, נור אויך פּעטערבורג און מאָסקווא. פון אַלע זייטען האָט מען דעם שרייבער אינטערוויואירט, פונקט ווי עטוואָס מערקווירדיגעס, זאָנדערבאַרעס איז געשעהן. פיעלע צייטונגען האָבען געעפענט ספּעציעלע אָבטיילונגען, וואוהין אירגענד וועלכע מאַן און פרוי זיינען געווען איינגעלאַדען צו געבען זייערע מיינונגען וועגען דער מאָדערנער פרוי, וועגען אייפערזוכט און וועגען דעם פערפאַסער.

ווי נור די פּיעסע איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען, האָט די קריטיק אויפגעהויבען א גאַנצען שטורם געגען אַרציבאַשעוו'ן. זי האָט איהם בעשולדיגט, אז ער איז א פרויענגעגנער, אַז ער האָט זיי בכיון אויסגעשטעלט אלס די ערגסטע און די אויסגעלאַסענסטע. מיט איין וואָרט, די קריטיק, מיט זעלטענע אויסנאַהמען, האָט איהם פערדאַמט. דער פובליקום אָבער האָט זיך געמאַכט כלא ידע דערפון. די טהעאַטערע זיינען געווען געפּאַקט אַזש צו דערשטיקט ווערען. דער עולם האָט אפּלאָדירט אויף וואָס די וועלט שטעהט און אינטערעסאַנטער פון אַלעם איז דאָס, וואָס די הויפּט־פּערטהיידיגער זיינען געווען פרויען. אַרציבאַשעוו האָט שוין אימער אַזאַ מזל: וואָס ערגער די פּרעסע בעציהט זיך צו זיינע ווערק, אַלץ מיט גרעסערע התלהבות ווערט ער אָנגענומען ביים עולם. אזוי איז געווען מיט „סאַנין“ און אזוי אויך איז מיט „אייפערזוכט“.

אין דער דראַמע זיינען פאַראַן גאַנץ ווע־

ניג אינטערעסאַנטע טיפּען, און דער אינהאַלט איז אויך אַן איינפאַכער.

סערגעי פּעטראָוויטש, א שרייבער, האָט א ווייב, יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ. זי איז יונג און שעהן. ארום איהר דרעהען זיך א גאַנצע כאַליאַסטרע פון פערשיעדענע טויגעניכצען און יעדער פון זיי ערקלערט זיך איהר אין ליעבע. צווישען זיי געפינט איהר א דאָקטאָר, א פּאַרוטשיק, א סטודענט און א פּרינץ. יעלענאַ האָט א פריינדין — איינע, קלאַוודיאַ מיכאַילאָווּנאַ, וועלכע האָט אַן אַלטען נאַר א מאַן. זי איז גרייט צו וואַרפען זיך יעדען מאַנספּאַרשוין אויפ'ן האַלז. דאָך, קיין ערפאָלג ביי מענער האָט זי ניט, כאָטש זי איז ניט קיין מאוס'ע.

פאַראַן נאָך א יונגע מיידעל, סאָניעטשקאַ, וועלכע שפּיעלט כמעט קיין ראָלע ניט. אַן אונשולדיג, זויבער קינד.

יעלענאַ מאַכט אַן איינדרוק פון א קאָקעטקע, אָבער אָהן יעדער שלעכטער כונה. זי ליעבט איהר מאַן, אָבער דאָך האָט זי זעהר פיעל פערגעניגען, ווען זי זעהט, אז אָט די אַלע „ערנסטע" מענשען ווערען פאַר איהר די כפּרה. זי וועט אפילו איהר גאַנצע שעהנהייט, איהר גאַנצען צויבער אָנווענדען אום צו צוציהען זיי נאָך מעהר, איינליעבען זיי אין זיך, אָבער זי אליין גיט קיינעם ניט קיין געלעגענהייט צו דענקען, אז זי איז אין איהם איינגעליעבט. יונג און שעהן איז זי, האָט זי הנאה פון פיהרען אַלעמען פאַר'ן נאָז און צוקוקען ווי זיי אַלע זיינען גרייט איבערצושניידען איינע די אַנדערע די העלזער צוליעב איהר. ביסלעכווייז פערפלאָנטערט זי זיך אזוי, אז זי קען ניט ארויסקריכען. דער מאַן זעהט אַלעס צו, ער שווייגט. גאַניץ אָפט פלעגט ער זי אליין בעטען, אז זי זאָל מיט די געסט פערברענגען. וואַהרשיינליך האָט ער דאָס ניט געוואָלט ליידען, אָבער וואָס זאָל מען טהאָן, ער איז דאָך א ליבעראַל, א פריידענקער, ער טאָר א וואָרט ניט זאָגען און ער דאַרף נאָך מאַכען אַן אָנשטעל, אז ער איז, אדרבא, זעהר צופריעדען.

עס וואָלט זיך אפשר נעענדיגט גאָר ניט אזוי שלעכט, ווען ניט אַנדרעי איוואַנאָוויטש. אַנדרעי איז דאָס סערגעי'ס א בוזים־פריינד. ער שפּיעלט דאָס די ראָלע פון שעקספּיר'ס יאַגאָ. ער טהוט דאָס אָבער ניט צוליעב זיינע פערזענליכע מאָטיוועז, ער מסר'ט, העצט אויף און ערוועקט סערגעי'ס אייפערזוכט צוליעב צוויי זאַכען: ערשטענס, ווייל ער אָבהיטען די ריינע רעפּוטאַציאָן און די עהרע פון זיין פריינד און, צווייטענס, ווייל ער האָט פיינד פרויען: ער האַלט זיי פאַר די נידריגסטע בעשעפעניסען.

אָט דער בוזים־פריינד ברענגט סערגעי'ען דערצו, אז ער בעגעהט איינעם פון די עקעלהאַפטעסטע פערברעכענס.

מיט די העלדען פון דער דראַמאַ האָט זיך יעלענאַ געטראָפען אין די קוואַרטען פון קאַווקאַז; נאַכהער, ווען זיי זיינען געקומען קיין כאַרקאָוו, האָט זי גלייך אָנגעשריעבען א בריעף צום פּרינץ, וועלכער איז איהר נאָכגעפאָהרען, אז זי וויל מיט איהם קיינע ערנסטע עסקים ניט האָבען און אז זי פערלאַנגט, אז ער זאָל איהר לאָזען צורוה. דער פּרינץ איז מיט'ן בריעף געקומען צו איהר א היים (ער איז דערגאַנגען פון לאַקיי, אז זי איז אליין אין הויז) און איז צוגעשטאַנען צו איהר מיט ליעבעס ערקלערונגען. ווען יעלענאַ פאָדערט פון איהם, אז ער זאָל ארויסגעהן, וואָרום זי איז ניט אָנגעטהאָן, ענטפערט ער איהר, אז ער וועט איהר ניט פאָלגען און אז די ליידענשאַפט צוברענגט זיך ביי איהם נאָך מעהר. ער מאַכט אַם ענדע א פערזוך זי צו אָנגריפען און אין דיזער מינוט קומט אָן איהר מאַן. עס קומט פאָר א געשלעג צווישען דעם מאַן מיט דעם פּרינץ, וועלכער ווערט, מיט דער הילפע פון לאַקיי, שנעל ארויסגעוואָרפען.

און דאָ קומען מיר צו דער טראַגישער ענדע פון דער דראַמאַ. אומזיסט פערזיכערט זי איהם, אז זי איז אונשולדיג, אז זי איז אימער געווען איהם טריי. ער הויבט אָן צו דריקען איהר האַנד און שרייט: „זיי זיך מודה". ער פּייניגט איהר אזוי פיעל, אז זי קען מעהר ניט פערטראָגען דעם וועהטאָג און איז זיך מודה אין א פערברעכען, וואָס זי איז קיינמאָל ניט בעגאַנגען. ער לאָזט איהר אָפּ און כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ. יעלענאַ, ווילד פון צאָרן, ערקלערט איהם, אז זי האַסט איהם, אז זי האָט איהם פיינד ווי דער טויט, און אז זי האָט איהם פערראַטען פיעלע מאָל. סערגעי וואַרפט זיך אויף איהר, ווערגט, שטיקט און דערשטיקט איהר.

אָט אין דעם בעשטעהט, אייגענטליך, די גאַנצע מעשה, ניט אָבשטעלענדיג זיך אויף געוויסע איינצעלהייטען, וועלכע זיינען אגב ווייניג אינטערעסאַנט.

די קריטיק, ווי געזאָגט, האָט אויפגענומען די דראַמאַ, ניט מיט א לויב־געזאַנג, נור מיט רוגזא, מיט זידלעריי.

די „ליטעראַטורני אָטקליקי" שרייבען:

„...די מענער פלירטען מיט די דאַמען (אין אַרציבאַשעוו'ס „אייפערזוכט") פּונקט אזוי ווי די דאַמען פלירטען מיט די מענער... עס קוקט אָבער אויס (פון דער דראַמאַ), אז די מענער זיינען אָנשטענדיג און נאָבעל, און די פרויען ווייסען בלויז פון ליידענשאַפטס־געפיהלען... אָט דיזע „נאָבעלע" מענער האָבען א „גוד טיים" מיט די פרויען און נאָכדעם שטעלען זיי זיך ארויס ווי די קלוגע, די עהרליכע און מאַכען די פרויען צו אש און צו בלאָטע..."

דער זשורנאַל ציטירט ווייטער אַנדרעי׳ס ווערטער. אַזוי ווי אַרציבאַשעוו האָט איהם געמאַכט פאַר דעם קליגסטען און פאַר דעם אינטערעסאַנטסטען טיפּ פון דער גאַנצער ביליגער חברה, דענקט דער זשורנאַל, אַז דער שרייבער שטימט איין פאָלקאָם מיט אַנדרעי׳ס ווערטער.

אַנדרעי זאָגט:

„די פרוי איז אַזוי פעהיג צו זאָגען ליגען, אַז קיין מאַנספּערזאָן קאָן זיך מיט איהר ניט פערגלייכען... זי זאָגט ליגען מיט איהר גאַנצען קערפּער, מיט איהר גאַנצעס וועזען... ווען אַ מאַן ווערט אָבגעקיהלט צו זיין געליעבטער, קען מען דאָס גלייך דערקענען... ער מעג ווי אויסגעלאַסען זיין, וועט ער זיך שעמען אָבצונאַרען די פרוי, און דאָס האַלט איהם אָפּ פון די געמיינע ליגענס. די פרוי אָבער דענקט, אַז זי איז בערעכטיגט אָבצונאַרען דעם מאַן... איך האָב אַ געוויסע צייט געפיהרט לינקע ביזנעס מיט אַ פערהייראַטהע פרוי. איינמאָל טהו איך איהר אַ פרעג: זאָגט מיר, איז דאָס אייער מאַן אַזאַ גרויסער נאַר, אַז ער פערשטעהט ניט, אַז איהר נאַרט איהם? ווייסט איהר וואָס זי האָט מיר געענטפערט: „מיין מאַן קען מיך אַזוי גוט, אַז ביי איהם וועט קיינמאָל אַ געדאַנק פון פערדאַכט ניט אַרויפקומען...“ אַ פרוי לעבט נור מיט איהר קערפּער... איך האָב געהאַט אַ בעקאַנטע פרוי, וועלכע איז געווען אַלט ניט וועניגער פון 60 יאָהר. זי פלעגט זיך בעריהמען פאַר מיר, אַז איהר רוקען איז נאָך גאָר אַ יונגער...“

מיינט איהר, אַז נור די מענער טראַכטען אַזוי וועגען פרויען? הערט זיך נור איין וואָס די פרויען זאָגען וועגען זיך אַליין. די „אָטקליקי“ צייגען אָן אויף די ווערטער פון קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, די פרוי, וועלכע פלעגט אין איהרע אָרעמס אַרייננעהמען אירגענד וועלכען מאַן. אָט וואָס זי זאָגט:

„אַ פרוי ווילט זיך זעהר, פערשטעהט זיך, אַז מען זאָל זיך פאַר איהר קניען און בוקען, אָבער אָבגעבען זיך וועט זי נור צו דעם, ווער עס וועט איהר אויך אַ ביסעל האַסען...“

דער קריטיקער פון „סאָווערעמעני מיר“, קראַניכפעלד, האָט אויך ניט געפונען עפּעס גוטעס צו זאָגען דעם פערפאַסער פון „אייפערזוכט“.

„דער שרייבער (אַרציבאַשעוו) אין זיין נייעם ווערק — שרייבט קראַניכפעלד — פערנעהמט זיך ניט מיט די העכסטע ציעלען פון לעבען, ער פערטיידיגט ניט די העכסטע לעבענספאָרמען... ער געהט ניט פאָראויס, נור הינטער דעם המון... אַרציבאַשעוו איז דער פּאָעט בלויז פון דעם מענשליכען קערפּער... דעם מענשענ׳ס נשמה מיט איהרע קאָמפּליצירטע, איידעלע בעוועגונגען איז פרעמד פאַר איהם. זיין פילאָזאָפיע קען זיך אויסדריקען אין דער פאָלגענדער פראַזע: „איך לעב און איך וויל הנאה האָבען פון לעבען... דעריבער וויל איך צופריעדען שטעלען מיינע נ אַ ט י ר ל י כ ע פערלאַנגען (פערלאַנגען, וואָס די נאַטור האָט אין דעם מענשען אַריינגעגעבען)“... די הויפּט טיפּען אין דער דראַמאַ זיינען סערגעי פּעטראָוויטש און יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, די מאָדערנע אָטעללאָ און דעזדעמאָנאַ... אָבער וואָס פאַר אַ אונטערשייד איז צווישען שעקספּיר׳ס העלדען און די העלדען פון אַרציבאַשעוו׳ס דראַמע! שעקספּיר׳ס זיינען געווען ניט בלויז קערפּערס, נור אויך מענשען... דאָ, אָבער, האָט זיי, די העלדען פון אייפערזוכט, פעראייניגט בלויז די קראַפט פון פיזישע ליידענשאַפט...“

וואָיטאָלאָווסקי האָט אַ קוק געטהאָן אויף „אייפערזוכט“ פון אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט.

„מען זאָגט—שרייבט ער אין „קיעווסקאַיאַ מיסל“—אַז אַרציבאַשעוו האָט זיך פערנומען מיט דער אויפגאַבע צו שילדערן די גוטסקייט, באַרעמהערציגקייט פון די מענער, און מאַכען צו אַש און צו בלאָטע די פרוי. ניין, אויב ער האָט ווירקליך געוואָלט אימיצען אָנגרייפען, איז דוקא די מענער, וועלכע גיבען זיך איבער צו אונגעהייערע ליידענשאַפט און צו גרענצלאָזע אייפערזוכט. אַרציבאַשעוו ענטדעקט פאַר אונז די אמת׳ע מענער־ליעבע און עס ווייזט זיך קלאָר אַרויס, אַז זי בעשטעהט מעהר ניט ווי פון תאוה און אייפערזוכט.

„ניט די פרוי איז שמוציג, נור מיר זיינען די יעניגע, וועלכע בריינגען אַריין אין איהר לעבען שמוץ, גראָבקייט, ציניזם און ליגען. די פרוי וועט זיך שרעקען זיך מודה צו זיין אין אַ קלייניגקייט, ווייל זי האָט מורא פאַר אונזער דעספּאָטישען כעס, און ביסלעכווייז וועט זי, אַן אויסגעמוטשעטע און ערביטערטע, אויפהערען צו זיין אָפענהערציג און זי וועט בעהאַלטען איהרע סודות און זי וועט, וואו נור זי וועט האָבען אַ מעגליכקייט, נאַרען. זי וועט דאָס טהאָן אום נקמה צו נעהמען, צו ערנידריגען, צו פערשפּייען דעם מאַן, וועלכער בעהאַנדעלט איהר אַזוי מאוס.

„וואָלט דער לעצטער אַקט ניט פערענדיגט זיך מיט יעלענאַ׳ס טויט, וואָלט עס, וואהרשיינליך, פערענדיגט זיך מיט יעלענאַ׳ס געזונקענהייט, אויסגעלאַסענהייט. די אַטמאָספערע, אין וועלכער זי האָט פערבראַכט יאָהרען לאַנג, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט צולאָזענהייט פון איין זייט און חשד פון דער אַנדער זייט. אויך די אומשולדיגע סאָניאַטשקע וואָלט געוואָרען ניט בעסער ווי קלאַוואַטשקאַ. ניט דערפאַר, ווייל אין דער נאַטור פון פרויען ליגט אַ פערבעהאַלטענע שטרעבונג און אַן אונבעזיעגבאַרע בעדערפניס צו זינדיגען... הערט וואָס קלאַוואַטשקאַ אפילו זאָגט: „אָבגעבען זיך... ניט דאָס איז דער

עיקר. דאָס איז אייגענטליך די אונפערמיידליכע ענדע, וואָס איהר, מענער פאָדערט פון אונז...״

„הייסט עס, וועט איהר אויסשרייען פער־וואונדערט, אז די דראַמע איז בלויז אַ סאַטירע, אַ שאַרפע קריטיק געגען מענער, וועלכע בע־שמוצען זייערע פרויען און נאָכדעם קוועלען זיי און פייניגען, און שלאָגען און שטיקען זייערע קרבנות ? אויב אזוי, טו פאַרוואָס מאַכען די פרויען פון דער דראַמע אויף אונז אַזאַ שלעכטען איינדרוק ? פאַרוואָס טראָגט זיך פון זיי אַזאַ פערדאָרבענהייט ?

„דאָס קומט נור ארויס דערפון, וואָס דער פערפאַסער, אַרציבאַשעוו, איז עהנליך צו די אייפערזוכט־העלדען פון זיין דראַמע. עס זיי־נען פאַראַן צוויי אַרציבאַשעוו׳ס. איינער איז דער מאַהלער, דער אַנדערער — איז דער איי־פערזוכט־העלד. און דער לעצטער האָט בע־זיעגט דעם ערשטען״.

צום ענדע וועלען מיר געבען אַ וואָרט אַרציבאַשעוו׳ען אליין.

„...מען ערקלערט מיך פאַר אַ פרויען־געגנער... עס איז אָבער ניט ריכטיג. איך בין אויף אזוי פיעל אַ פרויען־געגנער, אויף ווי־פיעל דער מענש, וועלכער האַסט די איצטיגע אָרדנונג, איז אַ מענשען־געגנער. דערפאַר וואָס עס טהוט מיר וועה, שילדערנדיג די מאָדערנע אינטעליגענטע פרוי, הייסט נאָך ניט, אז איך האָב איהר, די פרוי, פיינד. פערקעהרט, פער־זענליך, בין איך איינשטימיג מיט איינעם פון די העלדען פון „אייפערזוכט״ (קלאָוואַטשקע׳ס מאַן) וועלכער זאָגט: „גאָט האָט אונז געגעבען די פרוי און מיר האָבען איהר בעשמוצט...״

„די פרוי פון דעם זאָגענאַנטען אינטעלי־גענטען קרייז ווערט אזוי ערצויגען, אז די גאַנצע לעבענ׳ס־פראַגע בעשרענקט זיך בלויז אויף דער געשלעכט־פראַגע... שלמה המלך האָט גע־זאָגט: „צווישען טויזענד מענער האָב איך איינעם אַ רעכטען געפונען; צווישען טויזענד ווייבער — איז קיין איין רעכטע אויך ניטאָ״. ניט רעדענדיג וועגען דער פרוי פון די אַלטע יאָהרען, ווענדע איך זיך צו דער איצטיגער, מאָדערנער פרוי: „דו האָסט ש ו י ן גע־מעגט זיין אַ גאַנץ אַנדערע״.

מיר, פון אונזער זייט, וועלען פרעגען — האָט אַרציבאַשעוו אין זיין דראַמע „אייפער־זוכט״ געגעבען אַ ריכטיג בילד פון לעבען?

די קריטיקער האָבען אין דעם פּרט וועגען אַרציבאַשעוו׳ען וועניג וואָס אויסצוזעצען. אויך מיר דענקען, אז מיר זעהען פאַר זיך אַ ווירק־ליך בילד פון לעבען.

מיר מוזען אָבער דערביי בעמערקען, אז יעלענאַ און קלאָוואַטשקאַ מיט דער גאַנצער קאָמפּאַני שטאַמען פון אַזאַ קלאַס בורזשואַ, וואו דער גאַנצער אינטערעס פון לעבען דרעהט זיך אַלץ ארום תאוה און אייפערזוכט. מיט דעם אַרבייטער און זיין פרוי קען זעלטען ווען אַזעל־כע פאַסירונגען טרעפען. ענטוועדער זיי נעה־מען אַ טיכטיגען אַנטהייל אין דער בעפרייאונגס־בעוועגונג און דאָס גיט זיי אַ געוויסען צוועק, אַ געוויסען אינהאַלט אין לעבען, אָדער דער קאָפּ איז ביי זיי אזוי פערדרעהט פון דעם שווע־רען פּאַק דאגות און צרות, אז זיי האָבען קיין צייט און קיין מעגליכקייט ניט אָבצוגעבען זיך מיט די אַלע סאָרטען דראַמאַטישע ליידענ־שאַפטען.

בן יקיר

יוסף יפה׳ס ליעדער

(קריטישער עסקיז)



עהר וועניג דיכטער זיינען אזוי אויסגעהאַלטען אין זייערע דיכטונ־גען און קלאָר אין זייערע שטימונ־גען, ווי יוסף יפה. די „ליעדער״, וואָס זיינען ערשט ערשינען*), זיינען דער פּראָדוקט פון צוואַנציג יאָהר שאַפען.

צוואַנציג יאָהר! ווי פיעל די אידישע וועלט האָט דורכגעמאַכט אין דיזע צוואַנציג יאָהר. ווי פיעל ענדערונגען עס זיינען פאָרגעקומען אין דער אידישער נשמה. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף אין רוסלאַנד און די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין אַמערי־קאַ; דער ציוניזמוס און די פערשיעדענע נאַ־ציאָנאַליסטישע שטרעמונגען אין דער אַלטער און נייער וועלט האָבען נאַטירליכערווייזע אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס אויף אונזער ליטעראַטור און זי געמאַכט פיעל־פאַרביג. די הויפּט־דיכטער פון די לעצטע צוואַנציג יאָהר: יהואש, ליעסין, איינהאָרן — שוין ניט רעדענדיג וועגען די עלטערע פּאָעטען, ווי פרוג, ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד — האָבען אָבגע־שפּיגעלט אין זייערע ליעדער ניט נור זייערע אייגענע געפיהלען און געדאַנקען. זיי האָבען

---

*) יוסף יפה. ליעדער. מ. גורעוויטש פערלאַג, ניו יאָרק, 1914, מיט אן „אריינפיהר״ פון דוד פינסקי.

געזונגען אויף פערשיעדענע מאָטיוון, זיי האָבען אויסגעדריקט פערשיעדענע שטימונגען. זייערע לידער זיינען צייטענווייז פול מיט האָפנונג און גלויבען, צייטענווייז פול מיט קאַמפף און נקמה, צייטענווייז פול מיט שטראָף און גאַל, און צייטענווייז פול מיט ענטטוישונג. דיזע מאָטיוון און שטימונגען זיינען ניט זייערע אייגענע. ווי קריכטאַל־פענסטער וואַרפען צוריק די שטראַהלען פון דער זון אין טויזענדער קאָלירען, אזוי האָבען אונזערע דיכטער, אין רייכע און פערשיעדענע פאָרמען, צוריקגעגעבען אַלעס, וואָס זיי האָבען בעקומען פון דעם פאָלק.

גאַנץ אַנדערש איז יוסף יפה. מיט דער אויסנאַהם פון געצעהלטע זעקס אָדער זיעבען לידער, איז די גאַנצע זאַמלונג געווידמעט איין מאָטיוו — ליעבע. ווי פערשיעדענאַרטיג ער זינגט אָבער דיזען מאָטיוו! עס זיינען ביי איהם ניט פאַראַן קיין ווידערהאָלונגען, קיין נאָכאהמונגען. ער האָט אפילו זיך אליין ניט נאָכגעמאַכט. אין דעם בעשטעהט די אייגענאַרטיגקייט פון יפה'ס פּאָעזיע. זי איז פריש, יונג און אָריגינעל. גאַנצע צוואַנציג יאָהר האָט ער געזונגען וועגען ליעבע, און יעדען ליעד האָט ער אריינגעגעבען זיין אייגענעם טאָן, און יעדער סטראָפע האָט ער אריינגעבלאָזען זיין נשמה. יעדעס ליעד לעבט ביי איהם: ער איז אן אמת'ער דיכטער, אן אמת'ער שעפפער.

די וועלט־אַנשויאונג פון דעם דיכטער, ווי זי איז אויסגעדריקט אין דיזער זאַמלונג, איז ניט קיין נייע: דאָס גאַנצע לעבען איז א חלום. אפילו דער חלום אליין איז בלויז א חלום. דער „הבל־הבלים“־געדאַנק ברענגט אָבער ניט דעם דיכטער קיינע ביטערע געפיהלען. ער איז ניט ענטטוישט. ער האָט ניט קיין קרעוודעס צו גאָט, ער האָט ניט קיין טענות „צו דער וועלט“. שלמה האָט אין דער יוגענד געזונגען זיין שיר־השירים און ערשט אויף דער עלטער האָט ער זיין הבל הבלים געקלאָגט. אָמאַר קאיאם האָט פעראיבעל געהאַט אויף דער צוועקלאָזיגקייט פון דעם לעבען און ער האָט געזוכט זיך צו פערטויבען מיט וויין. אונזער דיכטער האָט דעם הבל הבלים פאַר זיין שיר־השירים געמאַכט. אז אַלעס איז שוין יאָ א חלום —

טאָ לאָמיר אונז דאָפּעל פעוויעגען
אין ליעבע'ס פאַנטאַסטישער פּראַכט,
און חלומ'ען זאַנפטע חלומות
און קיינמאָל נישט ווערען ערוואַכט.

ליעבע איז דעם דיכטער'ס רעליגיאָן. ער איז אָבער ניט קיין מאָנאָטהעאיסט. ער גלויבט ניט בלויז אין איין איינציגען גאָט. ער בוקט זיך צו יעדער יונגער, שעהנער מיידעל, און מיט רעליגיעזער אָפּענהערציגקייט זאָגט ער איהר, אז זי איז ביי איהם ניט די ערשטע, ניט די צווייטע, און ער וויל איהר אפילו ניט פערשפרעכען, אז זי וועט זיין ביי איהם די לעצטע:

פיליכט, מיין געליעבטע, מיין לעבען, מיין לוסט!
פיליכט, ווען איך שטאַרבען וואָלט איצט
אויף דיין ברוסט.

מיר ווילען דאָ אויסזאָגען א קליינעם סוד: אזא מין געצענדיענער איז ער בלויז אין דער פּאָעזיע — אין לעבען איז ער שוין גראַדע דורכאויס א מאָנאָטעאיסט. און דאָס זעהען מיר אויך פון דער „ווידמונג“ צו זיין פרוי:

פאַר די אנגענעמע ליידען,
פאַר די שטונדען פולער פריידען,
וועלכע דו האָסט מיר פערשאַפט,
ווידמע איך דיר, קינד, אצינדער
אַלע מיינע ליעדער־קינדער,
קינדער פון מיין בלוט און קראַפט,
וועלכע כ'האָב אין זיבצעהן יאָהרען
מיט דיין הילף דער וועלט געבאָרען,
מיין געליעבטע בעללאַ.

זיין רעליגיעזען עקסטאַז דריקט דער דיכטער אם בעסטען אויס אין זיינע לידער: „אויף דער דאַטשע“, „חבל על דאבדין“, „דער טויט“, „מיר חלומ'ט“, „ד'וועל נישט געהן מעהר“. יעדעס פון דיזע לידער איז פערל אין אונזער ליטעראַטור. א קוואַל פון הומאָר, פון לעבענס־לוסט, פון אמת־ריינעם פערגניגען שלאָגט פון יעדען איינעם פון דיזע לידער. ערנסט און שטיפעריי מישען זיך צוזאַמען אין זייערע טענער. מיט א שמייכעל אויף די ליפען סימפּאַטיזירען מיר דאָך מיט דעם דיכטער, ווען ער געפינט זיך אויף א דאַטשע אַרומגערינגעלט פון 16 שעהנע, לוסטיגע מיידלעך, און ווען ער בלייבט אויג אויף אויג מיט איינער, שפּירען איהם די איבריגע נאָך, און מיר זאָגען צוזאַמען מיט איהם די האַרציגע תפלה:

גאָט געטרייער, ווילסט מיך שטראָפען,
האָסט דאָך וועגען אָהן א צאָהל;
שטראָף מיך איינצעלווייז מיט הונדערט,
'שטאָט מיט זעבצעהן אויף א מאָל!

אין די מעהרסטע פון זיינע לידער איז דער דיכטער גאַנץ צופריעדען מיט זיין טרייער דיענסט צו דער ליעבע, און ער רופט צו זיין געליעבטער:

שלינג די ליעבע, שלינג אָהן מורא,
הייליג האַלט דעם שעפער'ס תורת,
טהוסט דו פליוסיג זיין געבאָט,
גלויבען מיר אין זעלבען גאָט.

פיהלט ער זיך א מאָל אומעטיג, פערבלאָנדזשעט א מאָל צו איהם אן אונבעשטימטער טאָן, געפינט ער באַלד א זיכערער טרויסט אין די אָרעמס פון זיין געליעבטער. פון ספקות וויים ניט אונזער דיכטער. זיין גאָט ענטהאַלט אַלעס פאַר איהם. ער איז זיכער סיי מיט דיזער וועלט, סיי מיט יענער וועלט. ער איז

זיכער, אז דער בורא אליין וועט איהם פאר זיין ליעבע ארײנפיהרען אין גן־עדן אריין. דאָך בלייבט ער ניט אימער גליקליך. ווען־ניט־ווען, כאָטש זעלטען, דערפיהלט ער דעם וואָרים פון אונצופריעדענהייט. דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל ער ענטטוישט זיך אין זיין גאָט, אָדער ווייל ער צווייפעלט אין זיין רעליגיאָן. פערקעהרט, ער פיהלט געוויסענביסע, וואָס ער האָט ניט גענוג געדיענט זיין גאָט, וואָס ער האָט ניט גענוג קרבנות געבראַכט אויף דעם מזבח פון ליעבע:

וויפיעל לוסטען נישט דערשפירטע,
וויפיעל ליפּלעך ניט בעריהרטע,
וויפיעל הערצער נישט דערקוויקטע,
ברוסט צו ברוסט נאָך נישט געדריקטע,
קרענצין פון ליליען, קרענצין פון ראָזען, —
און איך מוז די וועלט פערלאָזען!

די ליעבע ביי יפה'ן איז ניט קיין פלאַטאָנישע. ער פערליעבט זיך אויך ניט בלויז אין דער נשמה פון דער פרוי. ער ליעבט די פרוי ווען זי איז אין זיינע ארעמס; ער ליעבט איהר אַטהעם, ער ליעבט איהרע קוסען — ער ליעבט איהר ליעבע. מיט דער נאַאיוויטעט פון א פרימיטיווען געצענדיענער זינגט ער איהר:

ציגעלע, מיגעלע, קאטינקע —
ביהנעלעך און בלומען,
נעהענטער, ליעבינקע, צו מיר —
פריהלינג איז געקומען!

ציגעלע, מיגעלע, קאטינקע
ליפּלעך פּאמעראַנצען,
פּרעס זיי הייס צו מיינע צו —
זאָלען די הערצלעך טאַנצען!

די פרוי אַלס מענש, די פרוי אלס חבר, אלס לעבענס־בעגלייטערין — אינטערעסירט איהם ניט, פונקט ווי עס אינטערעסירט ניט דעם געצענדיענער דאָס שעפסעל, וואָס ער ברענגט אלס קרבן צו זיין גאָט. די ליעבע פאָדערט אַ פרוי — און די פרוי שטעלט צופריעדען זיין ליעבע. פון דעסטוועגען זינדיגט א מאָל דער דיכטער: צוואַנציג יאָהר זיינען פאָרט ניט א י י ן טאָג. אין צוואַנציג יאָהר כאַפּט זיך דאָך אַמאָל ארויס א זינדיגער געדאַנק, אז — ער האַסט פרויען:

מיט די זיסע ליעבע ווערטער,
מיט די קראָקאָדילען טרעהרען...

לאַנגע יאָהרען זאָלט איהר האָבען —
אויסגעוואָרצעלט זאָלט איהר ווערען!

אָן אַנדערס מאָל בעקלאָגט ער זיך אפילו, אז —

קוים האָב איך איהר לייב ערוואָרבען,
איז מיין גאָט האַלב אָבגעשטאָרבען:
פייער איז די לילית־וועלט,
נור די הייליגקייט, זי פעהלט. —

אַזעלכע געדאַנקען זיינען אָבער פרעמדע שפּראָצונגען אין דעם דיכטער'ס קאָפּ. זיי קלינגען ניט אזוי אויפריכטיג און ריהרענד, ווי אַזעלכע ליעבע־ליעדער, ווי „מיין מיטאָג", „א מארש", „מעוקצך ומדובשך" און ד. גל. איבערהויפּט דאָרט, וואו יפה וויל בעגליקען די וועלט מיט א מוסר השכל, קריעגען מיר ווייניג פּאָעזיע און נאָך ווייניגער פילאָזאָפיע.

דאָס הייסט אָבער ניט, אז קיין אַנדערע געפיהלען אויסער ליעבע בעוועגען ניט יפה'ס נשמה. די ליעדער „צו מיין פאָלק", „די וואָלקען" און „היימאַט" צייגען, אז דער דיכטער פערמאָגט א טיעף־פיהלענדעס הארץ, וואָס בלוטעט שטילערהייד אויף די צרות פון זיין פאָלק. דער דיכטער ליעבט זיין פאָלק הייס, אויפריכטיג און בעוואוסטזיניג. ער איז אָבער, אלס קאָנטראַסט צו די מעהרסטע פון אונזערע דיכטער, צו בעשיידען צו קוקען אויף זיך, ווי אויף א פאָלקס־לעהרער. און כאָטש א מאָל ערוואַכט ביי איהם א וואונש צו שמיעדען א ליעד „פון שוועבעל, פעך און פלאַם", בלייבט דאָס אָבער ניט מעהר ווי א וואונש. אונז דוכט זיך אָבער, אז דער דיכטער וואָלט געהאַט די פעהיגקייטען צו ערפילען זיין וואונש, ווען ער וואָלט אַביסעל מעהר געגלויבט אין זיינע אייגענע קרעפטען.

וועגען יפה'ס טעכניק קענען די לעזער האָבען א בעגריעף פון די עטליכע אויסציגע, וואָס מיר האָבען אויבען געבראַכט. זיין סטיל איז אמת פאָלקסטהימליך, איינפאַך און אויפריכטיג. ער זוכט ניט קיין עפעקטען און דאַרום קומען ביי איהם ארויס בילדער פון איינצעלנע שטריכען, ווי פון א פינזעל געמאָלט. אַזעלכע בילדער געפינען מיר אין „דעם אוצר", „די זינדיגערין" און אין אייניגע אַנדערע ליעדער. זיין שפּראַך איז ריין, ניט געקינצעלט, פונקט ווי דאָס פאָלק רעדט, און דערפאַר אַפּעלירט זי אזוי שטארק צום הארצען.

di tsukunft

די צוקונפט

Vol. XIX AUGUST, 1914 No. 8

פיליפ קראַנץ

מעקסיקאָ און די אמעריקאַנער וועלט-פּאָליטיק

„דער צונג איז געגעבען געוואָרען דעם מענש צו בעהאַלטען זיינע געדאַנקען“ — אַזוי האָט אַמאָל געזאָגט דער בעריהמטער פראַנצויזישער דיפּלאָמאַט טאַלעיראַן, וועמען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט פּאָרגעוואָרפען צו־לעצט, אַז ער האָט אָבגענאַרט און פערראַטהען יעדען איינעם. יעדער דיפּלאָמאַט זוכט צו ציינגען, אַז ער קען ווירקליך אַזוי דרעהען מיט'ן צונג. וואָס מעהר איינער פון זיי קען דאָס טאַקע בעווייזען, ווערט ער אַנערקענט אַלץ פאַר אַ גרעסערן און פעהיגערן דיפּלאָמאַט. נור אַזוי ווי זיי זוכען צו פערבלענדען מיט ווערטער איינער דעם אַנדערן, גלייכען זיי זיך אויס, און מען ווערט דאָך שליסליך געוואָהר, וואָס עס זיינען זייערע אמת'ע געדאַנקען, שטרעבונגען און צוועקען. נאָך אַלעמען קומט עס אויס, ווי מען זאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין פערבאָרגענעס אויף דער וועלט.

יעדענפאַלס גלויבט מען קיין מאָל ניט אַ דיפּלאָמאַט אויף'ן וואָרט, ווי פיעל ער זאָל ניט שווערען, אַז ער מיינט טאַקע גאַנץ אויפריכטיג, וואָס ער זאָגט, און אַז ער וויל קיינעם ניט אונטערשטעלען אַ פיסעל. מען פערטייטשט אָפט אַן ערקלערונג פון אַ שטאַאטסמאַן (און יעדער שטאַאטסמאַן מוז דאָך בעזיצען דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען) פונקט פערקעהרט, ווי ער זאָגט און פערזיכערט. מען פערדעכטיגט שטענדיג רעגיערונגען אין דיפּלאָמאַטישע קונצען און אינטריגעס, אום בעסער דורכצופיהרען זייערע נאַציאָנאַלע צוועקען. בעזאָנדערס קוקט מען מיט חשד אויף אַ גרויסמאַכט, ווען זי האָט עפּעס אַ סכסוך מיט אַ קליינמאַכט. מען ווייס פון דער וועלטגעשיכטע, אַז אַ גרויסע און שטאַרקע נאַציאָן זוכט געוועהנליך צו בעהערשען אַ קליינע און שוואַכע נאַציאָן. מען ווייס פון ערפאַהרונג, אַז די אויסלענדישע פּאָליטיק פון אַ נאַציאָן ווערט דיקטירט פון גאַנץ בעשטימטע האַנדעלס־אינטערעסען, אַז אין דער וועלט־פּאָליטיק גילט פיעל מעהר ווי אין ביזנעס דאָס ווערטעל: „האַנדעלשאַפט איז קיין ברודערשאַפט“.

דאַרום זוכט עס אויך די סקעפּטישע וועלט אַלץ מעהר די עגאָאיסטישע אינטערעסען פון אַמעריקאַנער פּאָלק, וואָס עפּטער און העכער די וואַשינגטאָנער רעגיערונג ערקלערט, אַז זי האַנדעלט גאָר לטובת הכלל אין דער לאַטייניש אַמעריקא און אַז זי האָט די בעסטע אבזיכטען אין מעקסיקאָ. ווען, למשל, פּרעזידענט ווילסאָן פערזיכערט אין אַ מעסעדזש צום קאָנגרעס, אַז ער שטרעבט צו העלפען די מעקסיקאַנער איינצופיהרען ענדליך אין זייער לאַנד אַן אמת'ע קאָנסטיטוציאָנעלע רעגיערונג און צו עטאַבלירען רוהע און אָרדנונג, שמייכעלט מען אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט און מען שרייבט אין די צייטונגען פון אייראָפּאַ און פון זיד־אַמעריקא, אַז ער וויל ווידער שיטען זאַמד אין די אויגען מיט פיינע פראַזען און אַז דער אמת'ער צוועק פון יונייטעד סטייטס בלייבט אַלץ צו פיהרען די גרענדע אין דער גאַנצער נייער וועלט אונטער דער מאַסקע פון דער מאָנראָו דאָקטרין און זאָגאַר איינצושלינגען מעקסיקאָ און אַלע רעפּובליקען אין צענטראַל אַמעריקא ביז צום פּאַנאַמאַ־קאַנאַל*).

אָנקעל סעם, פערזיכערט מען פון פערשיעדענע זייטען, איז אַזוי אַמביציעז ווי האַבזיכטיג, און ער שטרעבט ניט נור צו שפּיעלען די ערשטע פידעל אויף דעם קאָנצערט פון נאַציאָנען, זאָנדערן אויך צו צושפּרייטען זיינע אַדלער־פליגלען איבער דער גאַנצער נייער וועלט. אַנדערע פערקריכען אַזוי ווייט, אַז זיי בעהויפּטען, דאָס יונייטעד סטייטס וויל פּשוט איינשלינגען די גאַנצע וועלט.

לאָמיר דאָ נעהנטער בעטראַכטען די הייניגע אויסלענדישע פּאָליטיק פון יונייטעד סטייטס, אום צו זעהען, אויף וואָס אייגענטליך זיינען בעגרינדעט אַזעלכע בעהויפּטונגען וועגען אמעריקאַנער וועלט־הערשאַפט. דערביי לאָמיר אויך זוכען, וואָס פאַר נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע,

---

*) זעה אין „צוקונפט“ פון לעצטען מערץ און אַפּריל מיין אַרטיקעל: „די מאָנראָו דאָקטרין אַמאָל, היינט און אין דער צוקונפט“. — פ. ק.

עקאָנאָמישע און בכלל מ א ט ע ר י ע ל ע
אינטערעסען עס שטעקען פערבאָרגען. אין די
הויך־קלינגענדע פראַזען פון די אָפּיציעלע ער־
קלערונגען, וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן און די
מיטגליעדער פון זיין קאבינעט האָבען ביז יעצט
געגעבען וועגען דעם מעקסיקאנער פּלאָנטער
און וועגען פערשיעדענע אנדערע אינטערנאַ־
ציאָנאַלע אנגעלעגענהייטען און סכסוכים.

* * *

אין אָנפאנג פון לעצטען מערץ איז פּרעזי־
דענט ווילסאָן ארויס מיט א מעסעדזש, אין
וועלכען ער האָט אויפגעפאָדערט דעם קאָנ־
גרעס צוריקצורופען א געזעץ, וואָס איז דורכ־
געפיהרט געוואָרען נאָך לאַנגע דעבאַטען און
פּיעלע שטרייטען אין אויגוסט 1912 אונטער
דער פּרעזידענטשאַפט פון מר. טאַפט. עס האָט
זיך געהאנדעלט וועגען די טאָלל־פראַגע, נעמ־
ליך : וועגען דעם, אויב אזעלכע אמעריקאנער
שיפען, וואָס טראַנספּאָרטירען סחורות בלויז
צווישען פּאָרטען פון יונייטעד סטייטס (וואָס
מען רופט געוועהנליך אויף ענגליש coastwise
vessels און וואָס מיר וועלען דאָ רופען
פון קורצקייט וועגען : ברעג־שיפען), זאָלען
צאָהלען דעם בעשטימטען פּרייז פאַר דורכפאָה־
רען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאָל אָדער ניט. אין דער
דאָזיגער פראַגע איז יונייטעד סטייטס געשטאַ־
נען געגען די גאַנצע האַנדעלס־וועלט, וועלכע
איז פערטראָטען געוועזען דורך ענגלאַנד אויף
דעם גרונד פון דעם זאָגענאַנטען העי־פּאָנסע־
פאָט אָבמאַך, לויט וועלכען די האַנדעלס־שי־
פען פון א ל ע נאַציאָנען אָהן שום אויס־
נאַהמען דאַרפען בעהאַנדעלט ווערן ג ל י י ך
און אויך צאָהלען די זעלבע טאָללס.

די האַנדעלס־וועלט געגען יונייטעד סטייטס

דיעזע אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע, צוליעב
וועלכער עס האָט געקענט ארויסקומען א שטאַר־
קער קאָנפליקט צווישען יונייטעד סטייטס און
אייראָפּא, איז ערשט לעצטען יוני געלייזט
געוואָרען אזוי, ווי פּרעזידענט ווילסאָן האָט עס
פערלאַנגט און ווי אָלע פריינדע פון וועלט־
פריעדען און יושר אין אינטערנאַציאָנאַלע
סכסוכים האָבען עס געוואונשען. די דאָזיגע
טאָלל־פראַגע איז יעצט גליקליכערווייזע ארונ־
טער פון דער פּאָליטישער טאַגעסאָרדנונג אין
יונייטעד סטייטס, און עס וועט העכסט וואַהר־
שיינליך נעהמען א לענגערע צייט, איידער אונ־
זערע דזשינגאָס פון איין זייט און די שיף־בויער
און שיף קאָמפּאַניעס, וועלכע זוכען סובסידיעס,
פון דער אַנדער זייט, וועלען איהר קענען וויע־
דער אויפלעבען און פּאָרברענגען אין קאָנ־
גרעס.

מיר וועלען זיך דארום דערוויילע ניט
פערנעהמען מיט דער טאָלל־פראַגע גופא, אָב־
וואָהל זי האָט א גרויסע שייכות מיט דעם
פּאַנאַמאַ־קאַנאָל, ארום וועלכען עס דרעהט זיך
היינט די ג א נ צ ע א מ ע ר י ק א נ ע ר
וו ע ל ט ־ פּ א ל י ט י ק, און איז אויך זעהר
אינטערעסאַנט, בעלעהרענד און וויכטיג אַן און
פיר זיך. מיר וואָלטען גאָר ניט אָנגעריהרט אין
דיעזען אַרטיקעל די דאָזיגע שטרייט־פראַגע מיט
ענגלאַנד, ווען פּרעזידענט ווילסאָן וואָלט דער־
ביי ניט ארויסגעלאָזען א ביסעל די קאַץ פון
זיין דיפּלאָמאַטישער זאַק. ניט נור האָט ער
געענדערט זיין מיינונג אין דיעזען פּרט, זאָנ־
דערן ער איז אויך ארויס געגען א פּונקט אין
דער פּלאַטפאָרם פון זיין פּאַרטיי. די דעמאָ־
קראַטישע פּאַרטיי האָט אויף איהר לעצטער
קאָנווענשאָן אין באַלטימאָרע, ווען מר. וואוד־
ראָ ווילסאָן איז נאָמינירט געוואָרען אלס איהר
קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, זיך ערקלערט גאַנץ
פּאָזיטיוו פאַר דעם פרייען דורכפאָהר פון אמע־
ריקאַנער ברעג־שיפען דורכ׳ן פּאַנאַמאַ־קאַנאָל.
מען האָט דאַן געוועלט ארויסצייגען דערמיט
פּאַטריאָטיזם געגען ענגלאַנד, און אָלע פּאָליטי־
שענס האָבען געטענה׳ט, דאָס אזוי ווי דער פּאַ־
נאַמאַ־קאַנאָל ווערט געבויט אויף אמעריקאנער
געלד און געהערט אויף פּאַקטיש (וואָס איז
אייגענטליך אין דער פּראַקטיקע דער אונטער־
שיעד צווישען אייגען לאַנד און א י י ב י־
ג ע א ר ע נ ד ע אויף אַן אנדערן׳ס לאַנד?)
צו יונייטעד סטייטס, דארום קען די אמעריקאַ־
נער נאַציאָן דאַרט זיין א פּאָלנער בעל־הבית און
די וואַשינגטאָנער רעגיערונג קען איינפיהרען
דאָרטען אזעלכע רעגעלען און אָננעהמען אזעל־
כע מיטעל, ווי עס פּאַסט בעסער פאַר די אינ־
טערעסען פון יונייטעד סטייטס.

מר. ווילסאָן אליין האָט אויך אזוי גע־
דענקט, ווי דאָס צייגט זיך בעזאָנדערס ארויס
פון זיינער א רעדע אין ניו דזשוירסי אין דער
צייט פון דער פּרעזידענציעלער קאַמפּעין אין
1912. ער האָט דאַן אויך געמיינט צוזאַמען
מיט א סך אַנדערע אמעריקאנער פּאָליטיקער,
אז דערמיט וואָס מען וועט בעפרייען אמעריקאַ־
נער ברעג־שיפען פון טאָללס אין פּאַנאַמאַ־קאַ־
נאַל, וועט מען ניט נור קענען פערגרעסערען
דעם אמעריקאנער שיף־האַנדעל בכלל, זאָנדערן
אויך ארויסרופען א שטאַרקע קאָנקורענץ גע־
גען די גרויסע אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס, וועלכע
רעכענען היינט צו הויכע פראַכט־פּרייזען.

אַלזאָ, אין דיעזען פּאַל זיינען ביידע גרוי־
סע פּאַרטייען געוועזען איינשטימיג און אויך, מעג
מען זאָגען, מר. ווילסאָן מיט מר. טאַפט. וועל־
כער בלייבט נאָך אַלץ ביי זיין פריהערדיגער
מיינונג, אז יונייטעד סטייטס האָט אויך א
ר ע כ ט, לויט דעם אָפּמאַך מיט ענגלאַנד
גופא, לויט אפילו דעם בוכשטאַב פון דעם העי־
פּאָנסעפאָט טראַקטאַט אין 1901, צו בעפרייען
אמעריקאַנער ברעג־שיפען פון אירגענד וועל־
כע אָבצאָהלונגען פאַר דורכפאָהרען דעם פּאַנאַ־
מאַ־קאַנאָל.

פּרעזידענט ווילסאָן'ס „דעליקאַטע" ערקלערונג.

נור מר. ווילסאָן האָט ראַדיקאַל געענדערט זיין מיינונג וועגען דעם דאָזיגען פּונקט עטליכע מאָנאַט נאָך זיין זיצען אויפ'ן פּרעזידענט שטוהל. ווארום? וואָס האָט איהם בעוואָגען צו אַזאַ ענדערונג אין אזא אינטערנאַציאָנאַלען סכסוך? דערויף האָט ער צום שלום פון דעם זעלבען מעסעדזש געגעבען די ערקלערונג, אַז אויב דער קאָנגרעס וועט איהם ניט נאָכגעבען דיעזען פערלאַנג, וועט ער ניט וויסען, ווי „צו האַנדלען אין *אַנדערע אַנגעלעגענהייטען*, וואָס זיינען *מעהר דעליקאַט* און האָבען נעהענטערע *קאָנזעקווענצען*". דאָס איז געווען פון דעם סאָרט דיפּלאָמאַטישע אָנצוהערענעסען, צו וועלכע עס פאַסט זיך דער אויבען־געבראכטער טאַלעיראַן'ס שפּרוך . . .

וואָס זיינען דאָס פאַר אַזעלכע „דעליקאַטע" אַנגעלעגענהייטען? — האָט מען גלייך גענומען פרעגען פון אַלע זייטען. מען האָט זיך וועגען דעם געבראָכען די קעפּ אין קאָנגרעס און אין דער פּרעסע; מען האָט געגעבען פערשיעדענע ערקלערונגען און געמאַכט פערשיעדענע סברות אין דער פּאָליטישער וועלט, אָבער אַ גרינדליכע און פּאָזיטיווע אַנטוואָרט אויף דער דאָזיגער קלאָץ־קשיא האָט מען נאָך אַלץ ניט ארויסגעבראכט פאַר דעם גרויסען עולם. דאָס בלייבט נאָך אַלץ אַ „דעליקאטע" דיפּלאָמאַטישע געהיימנים.

דאָ וועלען מיר פערבייגעהענד בעמערקען, דאָס דער פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס האָט אַ צו גרויסע פּאָליטישע מאַכט בכלל אין דאָס ער קען ניט נור פיהרען זיין אייגענע אויסלענדישע פּאָליטיק עפּעס טאַקע ווי אַן אונבעשרענקטער הערשער, זאָנדערן אויך *אַריינשלעפּען דאָס לאַנד אין אַ קריעג*. דאָס מעג שיינען פון ערשטען בליק איבערטריבען; אָבער ווען מען קוקט אַריין טיעפער, ווי אַזוי אינטערנאַציאָנאַלע אַנגעלעגענהייטען ווערן פערהאַנדעלט אין וואַשינגטאָן און וואָס פאַר אַ קליינע דעה דער קאָנגרעס האָט אין דער פיהרונג פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק, ווארפט זיך עס פּשוט אין די אויגען.

די דיקטאַטאָרישע מאַכט פון יונייטעד סטייטס פּרעזידענט.

אָט, למשל, האָט מר. רוזוועלט „גענומען פּאַנאַמאַ", ווי ער האָט עס אַליין געזאָגט אין איינער פון זיינע רעדעס, גאָר ניט אָנפרעגענדיג דעם קאָנגרעס, און דאָס איז דאָך געווען לויט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע דינים און פיהרונגען אַ *קריעגס־אַקט*. ווען די רעפּובליק קאָלאָמביא וואָלט ניט געווען אַזוי שוואַך און פּשוט הילפלאָז אין פערגלייך מיט יונייטעד סטייטס, וואָלט אַזאַ דיקטאַטאָרישער אַקט פון מר. רוזוועלט געפיהרט צו קריעג און יעדענפאלס צו בלוטפערגיסונגען. אין אייראָפּא וואָלט אַזאַ „נעהמענעס" פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעלס־וועג זיכער ארויסגערופען אַ וועלט־קריעג.

אַן אַנדער שלאַגענדען ביישפּיעל פון אַזעלכע דיקטאַטאָרישע האַנדלונגען פון אַ פּרעזידענט האָבען מיר יעצט אין מר. ווילסאָן'ס מעקסיקאַנער פּאָליטיק, וועלכע האָט אונז שוין געבראַכט אויף דעם שוועל פון אַ מלחמה. אויב ער האָט געהאַנדעלט גוט, קלוג און גערעכט, ווען ער האָט זיך פּלוצלונג ענטזאַגט צו אַנערקענען די פאַקטישע רעגיערונג פון גענעראַל הוערטא אין מעקסיקא נאָך דער ערמאָרדונג פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלען פּרעזידענט מאַדעראָ, איז אַ פראַגע, וועגען וועלכע מען האָט און מען קען האָבען פערשיעדענע מיינונגען; נור דאָס איז זיכער, אַז ער האָט זיך גאַנץ ווייניג גערעכענט דערביי מיט די מיינונגען פון די מיטגליעדער פון קאָנגרעס און אויך מיט די אַנזיכטען און פּאָליטיק פון זיין פאָרגענגער. עס קען היינט ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, דאָס אויב מר. טאַפט וואָלט געבליבען פּרעזידענט אַ צווייטען טערמין, וואָלט הוערטא אַנערקענט געוואָרען אַלס פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט אויך פון יונייטעד סטייטס, אַזוי ווי אַלע אַנדערע רעגיערונגען האָבען עס געטאָן, און די גאַנצע מעקסיקאַנער פּאָליטיק וואָלט נאַטירליך געווען אַן אַנדערע, ווי אונטער דער לייטונג פון פּרעזידענט ווילסאָן און פון „זיין" סעקרעטערי אָוו סטייט (מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען אויף דעם פּאָליטישען לשון פון אייראָפּא) מר. ברייען.

מר. ברייען'ס דיפּלאָמאַטישע סעקרעטען.

נור לאָמיר ניט פאָרלויפען פאָראויס. מיר זיינען געבליעבען ביי דער קלאָץ־קשיא וועגען די „דעליקאַטע" אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים, צוליעב וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן האָט עס געבעטען דעם קאָנגרעס צו האַנדלען אין דער טאָלל־פראַגע פּונקט פערקעהרט, ווי ער און זיין פּאַרטיי האָבען עס געפאָדערט נאָך מיט אונגעפעהר אַ יאָהר פריהער און ווי דער פאָריגער קאָנגרעס האָט עס אָבגעשטימט אין נאָמען פון די העכסטע אינטערעסען פון לאַנד. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז די אורזאַכען פון אַזאַ ענדערונג, מען מעג זאָגען, איבערקעהרענעס, אין אַ וויכטיגען אינטערנאַציאָנאַלען סכסוך מוזען זיין זעהר וויכטיגע. אָבער ווי פיעל מען האָט ניט פערלאַנגט אין קאָנגרעס עפּעס אויפקלערונג וועגען דעם און איבערהויפּט די דאָקומענטען איבער די לעצטע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען אפילו בלויז פאַר די מיטגליעדער פון די קאָמיטעטען, וואָס האָבען ספּעציעל צו

בעטראכטען די אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען פון דער רעפובליק, איז עס געבליבען ווי א קול אין דער מדבר. אפילו מר. ברייען, וועלכער האט שטענדיג געפרעדיגט, אז מען דארף וואס מעהר בעקאנט מאכען דעם עולם מיט די בעשליסע, האנדלונגען און זאגאר אבזיכטען פון דער רעגיערונג, ווי עס דארף צו זיין אין אן אמת'ער דעמאקראטיע, האלט גראדע פון סעקרעטען אין דיפלאמאטיע עפעס ווי להבדיל א ביסמארק.

נור, ווי געזאגט, עס איז ניט גענוג צו וועלען זיין א טאלעראן, מען דארף אויך קענען בעווייזען דעם דאזיגען דיפלאמאטישען קונץ. אמת, גאנץ בעשטימט ווייס מען נאך אלץ ניט, וואס עס שטעקט אייגענטליך הינטער דער זעהר רעטזעלהאפטער מעקסיקאנער פאליטיק פון פרעזידענט ווילסאן; אבער האלבאפיציעל איז מען דאך עפעס דערגאנגען אין וואשינגטאן. אין אנפאנג פון דיעזען יאהר, ווען פרעזידענט ווילסאן האט שוין בעשלאסען צו פערלאנגען אין קאנגרעס, אז מען זאל צוריקציהען דעם פריהערן בעשלוס וועגען די פאנאמא קאנאל טאללס, און האט געוואלט בעאיינפלוסען די מיטגליעדער פון די קאמיטעטען איבער אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען אין ביידע הייזער פון קאנגרעס, אז זיי זאלען איהם שטיצען אין דיעזען פונקט, ווי אויך אין זיין אויסלענדישער פאליטיק בכלל און אין דער מעקסיקאנער בפרט, האט ער פאר זיי געמאלען אין שווארצע פארבען די פאזיציע פון יונייטעד סטייטס געגענאיבער די אנדערע לענדער.

זיין שילדערונג איז דאן גלייך איבערגעגעבען געווארען צו די וואשינגטאנער קארעספאנדענטען פון די צייטונגען, צו די פערטרעטער פון איהר מאיעסטעט די פרעסע, און דאן האט זיך דער עולם דערוואוסט, אז די גרויסע אמעריקאנער רעפובליק איז גאר ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אלע זייטען. מיר זיינען אבגעזונדערט, איזאלירט, האט מען פאנאנדערגעפויקט אין אלע אמעריקאנער צייטונגען, און מיר מוזען זעהען גוט ווערן וועניגסטענס מיט ענגלאנד, אום צו קענען פארטזעצען אונזער פאליטיק אין דער נייער וועלט און בעזאנדערס אין מעקסיקא.

אלס בעווייז האט מען געבראכט, דאס מיט יאפאן איז יונייטעד סטייטס צוריסען צוליעב די נייע לאנדגעזעצען אין קאליפארניא; דאס מיט רוסלאנד זיינען די בעציהונגען גאר ניט פריינדליכע צוליעב דער אפשאפונג פון דעם אפמאך פון 1832; דאס דער סכסוך מיט קאלאמביא וועגען די פערכאפונג פון פאנאמא קאנאל אין 1903 איז נאך ניט צו ענדע; דאס די אנדערע שפאניש־שפרעכענדע רעפובליקען זיינען צוליעב דעם אויך אויפגעבראכט און קוקען איבערהויפט מיט פערדעכטיגע און פיינדליכע אויגען אויף די נארד־אמעריקאנער רעפובליק מיט איהר מאנראו דאקטרין; דאס אין זיד־אמעריקא קומט אויף א נייע פאליטישע קראפט, א פערבאנד פון די דריי שטארקסטע און פארטגעשריטענסטע רעפובליקען פון דער לאטיינישער אמעריקא, נעמליך פון ארגענטינע, בראזיליען און טשילי, בעקאנט אונטער דעם נאמען A B C (נאך די ערשטע בוכשטאבען פון זייערע נעמען), און דאס מיט אזא „גרויסמאכט" מוז מען זיך שוין רעכענען אין אלע אינטערנאציאנאלע אנגעלעגענהייטען פון דער נייער וועלט; און שליסליך, דאס גאנץ אייראפא האלט פעסט מיט ענגלאנד אין דער טאלל־פראגע און איז אין אלגעמיין ניט פריינדליך צום אמעריקאנער פאלק.

דארום, האט מען אויסגעפיהרט אין די זעלבע צייטונגען, דארף מען זעהען ניט נור צו קומען צו א פערשטענדיגונג מיט ענגלאנד וועגען די טאלל־פראגע, זאנדערן אויך צו קומען בכלל אין פריינדליכערע בעציהונגען מיט אנדערע לענדער. זאנסט, האט מען געגעבען אנצוהערענעס פון וואשינגטאן, קען אמאל פאסירען, אז עטליכע מעכטע זאלען זיך פערבינדען דיפלאמאטיש און זאגאר מיליטעריש געגען יונייטעד סטייטס.

נון, דאס אלעס איז געוועזען אין גרונד אמת. די גרויסע אמעריקאנער רעפובליק האט טאקע יעצט א פאק מיט אינטערנאציאנאלע סכסוכים. זי האט אויך א סך שונאים ניט נור אין דער אלטער וועלט, זאנדערן אויך אין דער נייער וועלט. מען פערגינט ניט איהר גדולה און רייכטהום און מען קוקט מיט זעהר בייזע בליקען אויף איהרע פאליטישע אמביציעס און בעזאנדערס אויף איהר קאמערציעלען און אויך מיליטערישען קאנטראל איבער דעם פאנאמא־קאנאל, דעם שליסעל פון דער נייער וועלט.

יאפאן און מעקסיקא.

אין דער צייט, ווען מען האט דעבאטירט אין סענאט איבער דער טאלל־פראגע, האט סענאטאר סמיטה פון מישיגען, וועלכער איז א מיטגליעד פון דעם סענאטארסקען קאמיטעט וועגען אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען און דארף דארום האבען א נעהענטערע בעקאנטשאפט מיט דער וועלט־פאליטיק פון ווילסאן'ס רעגיערונג, אנגעוויזען, אז מיט דעם פערלאנג אבצושאפען אירגענד וועלכע אויסנאהמען פאר אמעריקאנער ברעג־שיפען ביים דורכפאהרען דעם פאנאמא־קאנאל, האט דער פרעזידענט געציעלט צו קריגען די שטיצע פון ענגלאנד אין פאל יאפאן וועט זוכען צו העלפען דעם מעקסיקאנער דיקטאטאר הוערטא און איבערהויפט אריינצושטע־

לען אפוס אין מעקסיקא. פיעלע אנדערע האבען אזוי געדענקט און בלייבען נאך אלץ ביי דיעזער מיינונג. איינינע האבען בעהויפטעט אין קאנגרעס, אז די וואשינגטאנער רעגיערונג האט בעשלאסען נאכצוגעבען דעם פערלאנג פון ענגלאנד וועגען גלייכע צאהלונגען פאר אירגענד וועלכע האנדעלס־שיפען פון אלע נאציאנען ביים דורכפאהרען דעם פאנאמא־קאנאל, ווייל זי האט גאר געוועלט, דאס ענגלאנד זאל דערפאר בעקומען די צושטימונג פון יאפאן פאר די נייטראליזאציאן פון די פיליפינער אינזלען.

יעדענפאלס דארף מען ניט זיין א דיפלאמאט צו פערשטעהן, אז דערביי איז געשלאסען געווארען א וויכטיגער מסחר צווישען די צוויי ענגליש־שפרעכענדע לענדער, וועלכע קענען צוזאמען אויסהאלטען די אטאקעס פון אלע אנדערע גרויסמעכטע. די פאזיציע פון יונייטעד סטייטס אין דער וועלט איז טאקע בעדייטענד שטארקער און זיכערער געווארען דורך דעם דאזיגען מסחר. די וואשינגטאנער רעגיערונג האט אויך צוליעב דעם געקראגען א פרייערע האנד אין מעקסיקא.

ניט בלויז ענגלאנד, זאנדערן אויך פראנקרייך און דייטשלאנד, וועלכע האבען זעהר גרויסע און וויכטיגע האנדעלס־אינטערעסען אין דער מעקסיקאנער רעפובליק און וועלכע האבען איין צייט (ספעציעל טאקע לעצטען ווינטער, ווען פרעזידענט ווילסאן האט געענדערט זיין מיינונג וועגען די טאלל־פראגע) אנגעפאנגען צו מורמלען און פשוט צו בייזערן זיך, וואס די אויפשטאנדען און בלוטפערגיסונגען הערען ניט אויף דארטען, געבענדיג דערביי „דיפלאמאטישע“ אנצוהערענעס, אז זיי וועלען זיך שליעסליך אליין מוזען נעהמען צו עטאבלירען דארטען ארדנונג, אויב יונייטעד סטייטס וועט עס ניט טאן, — האבען איבערגעגעבען דעם שיקזאל פון מעקסיקא אין די הענד פון פרעזידענט ווילסאן נאך דעם, ווי די טאלל־פראגע איז ענטשיעדען געווארען אזוי ווי זיי האבען עס פערלאנגט אין נאמען פון זייערע קאמערציעלע אינטערעסען. נאך מעהר, די ענגלישע רעגיערונג שטיצט היינט און וועט שוין שטיצען די אמעריקאנער פאליטיק ניט בלויז אין מעקסיקא, זאנדערן אויך אין גאנץ צענטראל־אמעריקא, ווייל זי וועט אם מייסטען פראפיטירען דורך דעם פאנאמא האנדעלס־וועג.

דער נייער אפמאך מיט קאלאמביא.

אום נאך מעהר צו פערשטארקען איהר פאזיציע אין צענטראל אמעריקא און אויסצורמיידען אירגענד וועלכע פערדרעהענעסען און שטרייטען וועגען דעם פאנאמא־קאנאל אין דער צוקונפט און דערביי אויך צו געווינען די סימפאטיע פון די שפאניש־שפרעכענדע רעפובליקען, האט פרעזידענט ווילסאן'ס רעגיערונג בעשלאסען צו ווערן גוט־פריינד מיט קאלאמביא אפילו ווען דאס זאל קאסטען 25 מיליאן דאלאר. אין יונייטעד סטייטס סענאט איז שוין אריינגעבראכט געווארען אן אפמאך, וואס איז ראטיפיצירט געווארען פון קאלאמביאנער קאנגרעס. לויט דעם דאזיגען אפמאך וועט יונייטעד סטייטס ניט נור האבען צו צאהלען 25 מיליאן דאלאר שאדענערזאץ צו קאלאמביא פאר די פערכאפונג פון דעם פאנאמא־קאנאל, זאנדערן וועט אויך אויסדריקען א „דיפלאמאטישען בעדויערן“ וועגען די פאסירונגען, וועלכע האבען געפיהרט צו דער „רעוואלוציאן“ און צו דער גרינדונג פון אן „אונאבהענגיגער“ רעפובליק אין דער קאלאמביאנער פראווינץ פאנאמא מיט א יאהר צעהן צוריק. די סענאטארס ברעקלען זיך וועגען דיעזען אפמאך, און בעזאנדערס מאכט גוואלדען געגען דעם מר. רוזוועלט, וועלכער בעטראכט עס פשוט אלס א פערדאמונג פון זיינע דיקטאטארישע האנדלונגען אין פאנאמא, אבער ווארשיינליך וועט מר. ווילסאן אויך דיעזעס אויספיהרען, און דערמיט וועט יונייטעד סטייטס זיכער זעהר פיעל געווינען אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט. דיעזער אפמאך דארף בעשטעטיגט ווערן פון יונייטעד סטייטס סענאט אין נאמען פשוט פון יושר און מענשליכקייט. עס קענען קיינע צוויי מיינונגען ניט זיין וועגען דעם, אז בשעת יונייטעד סטייטס האט „גענומען פאנאמא“ אונטער דער קאמאנדע פון מר. רוזוועלט איז בעגאנגען געווארען א גרויסע אונגערעכטיגקייט, מען מעג זאגען, א רויבערישער אקט געגען די שוואכע רעפובליק קאלאמביא.

די סכסוכים מיט יאפאן און רוסלאנד.

וואס אנבעלאנגט צו די סכסוכים פון יונייטעד סטייטס מיט יאפאן און רוסלאנד איז עס איבערהויפט שווער צו זאגען, ווען זיי וועלען פריינדליך געשליכטעט ווערן. זיי האבען אבער קיינע פערבינדונגען ניט מיט דער מעקסיקאנער פראגע, וועלכע פערשאפט און מוז פערשאפען פיעל קאפדרעהענעס און הארצברעכענעס דער היינטיגער וואשינגטאנער רעגיערונג.

דער סכסוך מיט רוסלאנד צוליעב די אידישע פאספארטען האט איבערהויפט א גאנץ קליינע אינטערנאציאנאלע בעדייטונג. די בעציהונגען צווישען רוסלאנד און יונייטעד סטייטס בלייבען אייגענטליך די זעלבע, ווי פאר די אפשאפונג פון דעם אפמאך פון 1832. די פערהאנדלונגען וועגען א נייעם אפ־

מאַך וועלען זיך וואהרשיינליך שלעפּען אזוי לאַנג, ווי די אַנטיסעמיטישע פינסטערנעס וועט אָנהאַלטען אין צאַרענלאַנד. די אידישע פראַגע (און דער סכסוך וועגען די פּאַספּאָרטען פון אַמעריקאַנער אידען איז דאָך אַ טהייל פון דער דאָזיגער פראַגע) וועט שוין אפּנים ניט געלייזט ווערן אין רוסלאַנד אָהן אַ *נייערער רעוואָלוציאָן*, אַ פיעל שטאַרקערע ווי אין 1905 נאָך דער מלחמה מיט יאַפּאַן.

דער סכסוך מיט יאַפּאַן איז אפילו אַן און פיר זיך אַ זעהר ערנסטער ; אָבער ער וועט ווי עס איז אַרונטערגעשטופּט און פערגלעט ווערען. עס איז פּשוט אַן אונזין צו ריידען וועגען אַ מלחמה צווישען יונייטעד סטייטס און יאַפּאַן. דאָס איז נור אַן עסק פאַר די דזשינגאָס פון ביידע לענדער, אום מען זאָל דערווייליגע *פערגרעסערען די בעוואַפנונגען*. אַלע טענות און בעהויפּטונגען, דאָס יאַפּאַן אינטריגירט געגען יונייטעד סטייטס אין מעקסיקאַ און דאָס זי וואַרט נור אויף אַ געלעגענהייט צו פערכאַפּען די פּיליפּינען, זיינען פּשוט גרונדלאָז. עס איז זיכער, אַז יאַפּאַן פיהלט זיך צו קליין, צו שוואַך און בעזאָנדערס צו *אָרים* צו פערפיהרען אַ מלחמה מיט אַזאַ גרויסער און רייכער מדינה, ווי יונייטעד סטייטס.

ערשט ווען אַן *אַנדער* גרויסמאַכט זאָל אָפּען אַרויסטרעטען געגען יונייטעד סטייטס, קען עס געמאָלט זיין, אַז יאַפּאַן זאָל זיך בענוצען דערמיט, אום צו סטראַשען אפילו מיט אַ מלחמה, אויב איהרע פאָרדערונגען וועגען *גלייכע בעהאַנדלונג* פון איהרע בירגער אין קאַליפאָרניאַ און אין אַנדערע סטייטס וועלען ניט בעוויליגט ווערן. אָבער אויף דעם פּאָליטישען האָריזאָנט זעהט זיך דערווייליגע ניט אַזאַ מאַכט. די בעציהונגען צווישען יונייטעד סטייטס און אייראָפּאַ זיינען היינט גראַדע גאַנץ פריינדליכע. אויך די סכסוכים וועגען טאַריפען האָבען שוין אויפגעהערט.

די נייע גרויס־מעכטע — דער A B C בונד.

דערצו נאָך האָט יעצט יונייטעד סטייטס צוגעקראָגען אַזאַ שטיצע, אויף וועלכער מען האָט אייגענטליך ניט גערעכענט אפילו מיט איניגע מאָנאַט צוריק. דאָס איז נעמליך די מיטווירקונג פון דעם זיד־אַמעריקאַנישען דריי־בונד, פון די A B C, ווי דאָס האָט זיך שוין אַרויסגעצייגט ביי דער *שליכטונג* פון דעם לעצטען צוזאַמענשטויס צווישען יונייטעד סטייטס און מעקסיקאַ. דערמיט האָט זיך געעפענט אַ גאַנץ *נייער קאַפּיטעל* אין דער געשיכטע פון דער נייער וועלט.

ביז יעצט איז די אַמעריקאַנער נאַציאָן געוועזן די *איינציגע*, וואָס האָט פערטהיידיגט אָדער איז געוועזן ענטשלאָסען צו פערטהיידיגען מיט געוועהר אין די הענד אירגענד וועלכען טהייל פון דער נייער וועלט געגען די פערכאַפּונגען פון אייראָפּעאישע לענדער ; היינט זיינען שוין צוגעקומען *דריי נאַציאָנען*, וועלכע וועלען אויך אַזוי האַנדלען, די נאַציאָנען פון אַרגענטיניען, בראַזיליען און טשילי.

פון היינט אָן וועט מען אויך האָבען אַ קאָנצערט פון גרויס־מעכטע אין דער נייער וועלט. יונייטעד כטייטס וועט אפילו אַליין שפּיעלען די ערשטע פידעל, ווייל זי איז דאָך שטאַרקער פאַר אַלע אַנדערע צוואַנציג רעפּובליקען אין דער נייער וועלט ; אָבער אַלע אינסטרומענטען צוזאַמען וועט זי שוין מעהר ניט האַלטען אין איהרע הענד. אַרגענטיניען, בראַזיליען און טשילי וועלען מיט דער צייט אַליין מעהר געהערט ווערן אויף דעם ווירקליך *פּאַן־אַמעריקאַנישען קאָנצערט*.

די מעדיאיישאָן אָדער פערמיטלונג פון די דריי זיד־אַמעריקאַנישע גרויס־מעכטע אין דעם קאָנפליקט צווישען דער וואַשינגטאָנער רעגירונג און דער דיקטאַטור פון גענעראַל הוערטאַ האָט אויך אַן אונגעהייער וויכטיגע בעדייטונג פאַר די *פּאָליטישע עקזיסטענץ* פון מעקסיקאַ, ווי דאָס וועט ערקלערט ווערן אין נעכסטען אַרטיקעל, אין וועלכען מיר וועלען זוכען צו געבען אַ בעשטימטע אַנטוואָרט אויף דער אָפט־געשטעלטער אָבער דערווייליגע נאָך ניט פערענטפערטער פראַגע : *וואַרום* האָט פּרעזידענט ווילסאָן אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אַנערקענען די רעגירונג פון גענעראַל הוערטאַ, ווען אפילו דורך דעם זאָל עס קומען צו אַ לאַנגער און שרעקליכער מלחמה מיט מעקסיקאַ, און *וואָרום ער שטיצט* די זאָ־גענאַנטע קאָנסטיטוציאָנאַליסטישע פּאַרטיי אונטער דער לייטונג פון קאַראַנזאַ און אפילו פון אַזאַ באַנדיט ווי גענעראַל ווילאַ ?

ז. ברכות

דער אוצר

(זכרונות פון א אידישען יעגער)

פארנאכט צו, נאָך אַ גאַנצען טאָג אַרומוואַנדערן צווישען די וויסטע, אימה'דיגע בערג ביים ים־המלח, וואו מיר האָבען סערנעס געזוכט, האָבען מיר, איך און מיין בעגלייטער אבו־מחמוד זיך אראָבגעלאָזט אין טהאָל טעל־על־פאַדאַ אָברוהען.

מיעד פון אַ גאַנצען טאָג אַרומקלעטערען איבער די טרוקענע, פערברענטע פעלזען, האָב איך מיך גלייך אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד.

אַ צייט בין איך אַזוי געלעגען אַ מאַטער, מיט האַלב פערמאַכטע אויגען און פון דעם גאַנצען אַרומיגען האָב איך נור איין גרויסען פעלז געזעהן, וועלכער האָט זיך געגען מיר ווי אַ ריזיגער אָבעליסק אין דעם הויך געהויבען. אַרום איהם האָט זיך אַבו־מחמוד עפּיס אומגע־דרעהט, איינגעקוקט זיך, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט עפּיס געזוכט.

איך האָב איהם נאָכגעקוקט, נור פרעגען איהם האָב איך מיך געפוילט. דאַכט זיך, אַז איך האָב אפילו אָנגעהויבען דרימלען.

פּלוצלונג — איך ווייס ניט ווי אַזוי — בין איך עפּיס געוואָרען אונרוהיג. עפּיס האָב איך ווי דערפּיהלט די אַנוועזענהייט פון א דריטען, אַ פרעמדען. איך האָב מיך אומגעקוקט און דערזעהן — ניט ווייט פון אונז, אויפ'ן שוואַרץ־רויטען פּאָן פון די פעלזען, שטעהט אַן אַראַבער אָנגעשפּאַרט אויף זיין ביקס.

— אַבו־מחמוד! — האָב איך ניט ווילענדיג אַ רוף געטהון.

אַבו־מחמוד האָט אויפגעהויבען זיין אין טוך פערוויקעלטען קאָפּ, אויפגעשטעלט די שאַרפע אָדלער־נאָז און זיך איינגעקוקט אין יענעם אַראַבער. נור באַלד האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און ווייטער גענומען אַזוי ווי זוכען אַרום דעם פעלז.

יענער אַראַבער האָט זיך דערווייל אָנגעהויבען אַראָבלאָזען צו אונז, די ביקס הינטער די פּלייצעס פערוואָרפען און די פּאַטראָנעס האָבען פון זיין גאַרטעל אַרויס געגען דער זון געבלישצעט.

יונג, הויך און בויגזאַם, די אויגען לויערנד ווי ביי אַ פוקס, די פיס אין סאַנדאַלען פון קעמעל־פעל, פערבונדען ביים גראָבען פינגער — האָט ער אַזוי לייכט און פריי איבער די שטיינער געשפּרייזט, ווי אַ שלאַנקער, לאַנגפיסיגער פויגעל.

— סאַלאַם־עלייקום! — האָט ער אונז הויך בעגריסט.

אַבו־מחמוד איז צו איהם גלייך צוגעגאַנגען און זיי האָבען זיךביידע צוקושט אויף די אַקסעל. זיי האָבען זיך פריינדליך אויסגעפרעגט וועגען געזונד, וועגען די היימישע, וועגען די בהמות און דעסגלייכען. אַ פּנים, זיי האָבען זיך שוין געקענט פון לאַנג.

— דו זוכסט דעם קוואַל? — האָט דער ניי־געקומענער געפרעגט אַבו־מחמוד'ען — אָ דאָרט — האָט ער אָנגעוויזען אויף אַ גרויסען פעלז.

מיר זיינען צוגעגאַנגען און אונטער דעם פעלז האָבען מיר דערזעהן אַ קליין קוועלכיל, וואָס האָט זיך שטיל זיין לויטער וואַסער געטריבען צווישען קליינע, קלאָהר־געוואַשענע שטיינדעלעך. אין דער הויך אַקעגען איז געווען אַ הייל.

— אָט האָבען מיר אַן אָרט וואו צו נעכטיגען, — האָט דער געקומענער אַראַבער אַ זאָג געטהון, אָנווייזענדיג אויף דער הייל.

— ווער ביזטו? — האָב איך ביי איהם געפרעגט.

— איך בין מוחמד־סעיד, און שייך אַבד־אַלה אַבו־דיב איז מיין פעטער, — האָט ער מיר מיט שטאָלץ געענטפערט און איז אַוועק אָנקלויבען גראָז און דערנער אַריינצוטראָגען אין דער הייל אַריין.

— דאָ וועלען מיר נעכטיגען — האָט אַבו־מחמוד געזאָגט — אהער צו קומען די סערנעס טרינקען. ער איז אַריין אין דער הייל און אָנגעהויבען זי אָבריינינגען און אַרויסוואַרפען די שטיינער.

די זון האָט דערווייל אָנגעהויבען אַראָבנידערן הינטער די בערג. עפּיס אַ געפיהל פון איינזאַמקייט האָט מיך אַרומגענומען און מיך געצויגען אַוועקצו־געהן, בלייבען איינער אַליין מיט דעם ים און אַרומיגע פעלזען. איך האָב גענומען מיין ביקס און אַראָבגעלאָזט זיך אונטען צום ים.

— געה ניט ווייט, — האָט מיר אַבו־מחמוד נאָכגעשריען — דאָ בלאָנדזען איצט אַרום די „דזעש“. (אַזוי רופט מען די אַראַבער אין מערב זייט).

ניט אומקוקענדיג זיך בין איך אַראָב צום ים געגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרויסען שוואַרצען שטיין ניט ווייט פון וואַסער.

די זון איז שוין פערשוואונדען הינטער די בערג. דער ים, אַ בוימעל־קאָלירענער, איז ווי אַ גרויסער האַרטער שפּיגעל ביי מיינע פּיס געלעגען. פון דערווייטען, פון יענער זייט ברעג האָבען אַרויסגעקוקט די בערג פון עין־גדי אין אַ דורכזיכטיגען, גאָלדפאַרביגען שלייער געהילט, און הינטער זיי — אַ רייהע בערג, וועלכע האָבען זיך פערלוירען אין נעביל . . . דאָרט איז אַ מאָל די מעכטיגע פעסטונג מאַסאַדאַ געוועזען. דאָרט איז אויך דער דזשעבעל־אוסדום (הר סדום) — דאָס אָרט פון אַמאָליגען רוישיגען און אויסגעלאָשענעם סדום. יעצט הערט מען דאָרט קיין מענשליכע שטים ניט, מען זעהט ניט קיין שאָטען פון קיין לעבעדיגער בעשעפעניש. נור איך וואנדער־קינד בין אַהער פערטראָגען געוואָרען פון אַ ווייט, קאַלט לאַנד און ווי אַ שטומער עדות זיץ איך דאָ, אויף מואָב׳ס ערד, צווישען די הויכע בערג, וואָס קוקען אויף מיר אַזוי אָנגעברוגז׳ט, צווישען די ריזיגע פעלזען, וואָס זיינען ווי קברים צואוואָרפען אַרום, ווי קברים פון פערצייטיגע דורות, וואָס האָבען אַ מאָל דאָ געלעבט, געקעמפּפט און בלוט פערגאָסען . . . טעל־על־פאַדאַ — דער זילבערנער טהאָל. מען זאָגט, אַז שלמה המלך האָט דאָ געהאַט זילבער־גרובען — יעצט איז אַלעס פערלאָזען, וויסט, טויט, און אַרום נור שטיינער, שטיינער און שטיינער . . .

אַ הויכער פייף האָט זיך דערהערט — דאָס רופט מיך אַבו־מחמוד. איך האָב גאָר ניט בעמערקט ווי ס׳איז פינסטער געוואָרען.

איך האָב געטראָפען די אַראַבער זיצענדיג אין דעם אַריינגאַנג פון דער הייל פאַר אַ פרעהליך פייערל, וואָס האָט בעלויכטען איבער זייערע קעפּ דעם נידריג־אָנגעבויגענעם סופיט. אויף אַ אויסגעשפּרייטער אַבאַיע איז געווען צעלעגט די וועטשערע: פּתא, ציבעלעס און זיתים.

— תפדל! (תפאדאל) — האָבען זיי מיך פערבעטען און געמאַכט מיר אָן אָרט נעבען זיך.

— באיסם אַללה אילרחים ואילרחמן — האָבען די אַראַבער זייער ברכה געמורמעלט און מיר האָבען זיך גענומען צו דער סעודה.

— אַ, ווען מיר האָבען איצט קאַפע! — האָט מוחמד־סעיד נאָך דער וועטשערע אַ זאָג געטהון. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער פאַדלאָגע פון דער הייל און געבליבען ליגען, געלעגען און געשוויגען, טראַכטענדיג. און קענטיג, אַז ער האָט געטראַכט וועגען עפּיס מעהר וויכטיגעס ווי קאַפע, וואָרום באַלד האָט ער, קרעכצענדיג, אויפגעהויבען זיך, גענומען די ביקס און אַרויסגעגאַנגען.

— וואו איז ער געגאַנגען? — האָב איך געפרעגט אַבו־מחמוד׳ן.

— זוכען דעם אוצר.

— וואָס פאַר אַ אוצר?

— יאָ, מען זאָגט אַז אין די מקומות איז בעהאַלטען אַן אוצר, — האָט ער מיר געענטפערט און, איינהילענדיג זיך אין דער אַבאַיע, האָט ער זיך אַנידערגעלעגט מיט׳ן פּנים צום פייער.

איך האָב מיך אויך אין מיין אַבאַיע פערוויקעלט און אויסגעצויגען זיך מורמלענדיג: אַן אוצר גאָר! אויסגעטראַכט אַן אוצר! איהר, אַראַבער, זענט בריות אויף אויסצוטראַכטען אַלערליי בבא־מעשות.

אַבו־מחמוד האָט זיך אונטערגעהויבען אויפ׳ן עלענבויגען און אָבגעענטפערט בייזליך:

— דאָס איז ניט קיין בבא־מעשה.

עס האָט איהם געערגערט, וואָס איך גלויב ניט אין דעם. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אונטערגעוואָרפען אַ ביסעל גראָז אין פייער אַריין און נאָך אַ מאָל בעשטעטיגט אַזוי ווי מיר אויף צו להכעים:

— ס׳איז דאָ פערהאַן איין אוצר, ס׳איז פערהאַן! אַ סך האָבען איהם שוין געזוכט!

עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס און אַזוי ווי קולות. אַבו־מחמוד איז גיך אַרויס פון דער הייל, נור אין אַ וויילע אַרום איז ער צוריק אַריינגעקומען מורמלענדיג: לאַ אַללה איל אַללה . . . ער האָט זיך ווידער צום פייער געזעצט און פערטראַכט זיך איינגעקוקט. באַלד אָבער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און ווידער אַ מאָל געזאָגט:

— יאָ! דאָ איז פערהאַן אַן אוצר, ס׳איז פערהאַן! מען דאַרף נור וויסען ווי אַזוי איהם צו נעהמען.

און כדי מיך אין גאַנצען איבערצוצייגען האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען:

די מעשה האָט זיך ביי אונז מיט פיעל יאָהרען צוריק געטראָפען. איינמאָל אין אַ אָווענד, ווען מיר זיינען אַזוי געזעסען אין אַ קרייז פאַר דעם שייך׳ס געצעלט, זעהען מיר ווי עס קומט צו אונז צו אַן אַלטער. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ פעקיל אויף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקען אין האַנד. אין פּנים דערקענט מען, אַז ס׳איז אַ מוהראַבער: — „סעלאַם עליקום“ — „עליקום אילסאַלאַם“. — „תפאדאל!“ — האָט מען איהם פערבעטען. ער זעצט זיך אין קרייז אַריין, נור ער שווייגט. דעם גאַנצען אָווענד קיין וואָרט ניט. אין דערפריה, ווען ער האָט געוואָלט אַוועקגעהן, בעט

מען איהם: ער זאָל בלייבען אויף פטור (פריהשטיק) — וויל ער ניט, דער אלטער. ער מוז — זאָגט ער — אוועקגעהן. פארנאכט וועט ער צוריקקומען. און אזוי דריי טאָג נאָכאנאנד — אין דער פריה שטעהט ער אויף און געהט זיך אוועק, פארנאכט קומט ער צוריק. און שווייגט אַלין. אונגעדולדיג האָבען אלע געוואַרט, עס זאָל שוין איבערגעהן דער דריטער טאָג און מען זאָל קענען פרעגען דעם מוהראבער ווער ער איז און וואָס ער טהוט דאָ? דעם דריטען טאָג אין אָווענד קלייבען זיך שוין אלע צונויף פאר דעם שייך'ס געצעלט און מען וואַרט אויפ'ן מוהראבער. ער קומט צו געהן, זעצט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אין קרייז אריין און שווייגט. מען דערלאַנגט קאפע — ער טרינקט. ערשט נאָכדעם ווענדעט ער זיך צו אלע דערבייאיגע און זאָגט: „איהר האָט, אודאי, דערקענט, אז איך בין א מוהראבער, זאָלט איהר זשע וויסען זיין, אז איך האָב ארויסגעליענט פון אונזערע הייליגע ספרים, אז דאָ אין דעם אָרט אין חרבת־אל־יהוד (די יודישע חורבה) איז פערגראבען אַן אוצר. ער איז אָבער פער'כשופ'ט. לאַנג האָב איך נאָכגעפאָרשט, נאָכגעזוכט ווי אזוי דעם כשוף אראָבצונעהמען און ניט געקענט דערגעהן, ביז דער גנעדיגער אללה האָט מיר געהאָלפען און ביי אונזערן אַן אלטען שייך האָב איך געפונען א פערצייטיג ספר, וואו עס שטעהט געשריעבען ווי אזוי מען זאָל דעם אוצר געפינען און איהם נעהמען. און אָט די דריי טעג וואָס איך בין ביי אייך האָב איך דעם אוצר געזוכט און היינט האָב איך איהם געפונען. אליין אָבער קען איך איהם ניט נעהמען, ווארום בשעת איך וועל לייענען פון מיין ספר ארויס די השבעות, אז דער כשוף זאָל בטל ווערען, דארף מיט מיר זיין נאָך איינער, וועלכער זאָל דעם אוצר נעהמען און איהם ארויסטראגען אויף דער ליכטיגער שיין. דערצו מוז מען האָבען א געזונטען יונג און ניט קיין בעל־פחדן — ווער פון אייך וויל געהן מיט מיר?" — קיינער האָט זיך ניט אָנגערופען. מ'האָט מורא בעקומען. נור איין סלים, אַן אָרימער יונג, וועלכער פלעגט פאשען דעם שייך'ס בהמות און האָט ניט געהאט פאר וואָס קיין ווייב צו קויפען, האָט זיך ארויסגערופען: „איך געה!" און צומאָרגענס גאַנץ פריה מיט דעם זונען־אויפגאַנג זיינען דער מוהראבער מיט סלים'ן אוועקגעגאַנגען. א גאַנצען טאָג און א גאַנצע נאַכט האָט מען זיי ניט צוריקגעזעהן. ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג אין דער פריה איז סלים אליין צוריקגעקומען מיט אַן אָבגעריסענע פאָלע און מיט אויסגעדרעהטע הענד . . .

„וואָס זשע איז געווען די מעשה? דער מוהראבער — יחרב ביתו! — האָט אוועקגעפיהרט סאַלים'ן ערגיץ אויף א בעהאלטען אָרט אין חרבת־אל יהוד. דאָרטען זיינען זיי צוגעקומען צו א פעלז, אָנגעצונדען א פייער און דער מוהראבער האָט אָנגעהויבען ארומגעהן ארום דעם פעלז, פאלען אויף די קניע, שעפצען און משביע זיין. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אזוי געזאָגט צו סלים: „ווען דער פעלז וועט זיך עפענען זאָלסטו גלייך אריינגעהן. דו זאָלסט אזוי לאַנג געהן ביז דו וועסט דערזעהן קרוגען פול מיט גאָלד. דו זאָלסט אָננעהמען וויפיעל דו וועסט נור קענען דערטראָגען און זאָלסט ארויסגעהן הינטערוויילעכטס. נור געדענק־זשע, אז ווען דו וועסט ארויסגעהן זאָלסטו דיך ניט קעהרען אין קיין זייט אריין, זאָלסט ניט קוקען ניט רעכטס און ניט לינקס, און אז דו וועסט דערהערען עפעס א גערויש, א געוויין, א געשריי, א געלעכטער — זאָל דאָס דיך גאָר ניט ארען. דו געה דיר דיין וועג, גלייך ווי דו הערסט גאָרניט. געה און קוק ניט אין די זייטען". און ווידער איז דער מוהראבער אויף די קניה געפאלען, ווידער אָנגעהויבען לייענען פון ספר, לייענען און שעפצען. דער פעלז האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען, זיך א שפאלט געטהאָן און ברייט זיך פונאנדערגעעפענט. סלים האָט זיך געשטארקט און איז אריין אין שפאלט אריין. א געדיכטע פינסטערניש האָט איהם ארומגענומען. ער געהט און טאפט דעם וועג, אזוי ווייט ביז ער דערזעהט בלאָהע פלעמלעך פלאטערן אין דער טיעפעניש פון דער הייל. ער געהט צו — עס שטעהען גרויסע קרוגען פול מיט גאָלד. ער נעהמט צוויי קרוגען און הויבט אָן צוריק צו טרעטען הינטערוויילעכטס, נור באלד דערהערט ער הינטער זיך א געהייל פון א דבה (היענע), און וואָס ווייטער אלץ שטארקער ווערט דאָס געהייל און אלץ שרעקליכער — דאכט זיך, אז די דבה שטעהט שוין גאָר נאָהענט נעבען איהם און באלד וועט זי איהם דערווערגען. סלים איז אָבער א „רזעדא" און ער קוקט זיך ניט אום. דאָס הארץ קלאפט, ציטערט, נור ער געהט אלץ צוריק און אין די הענד די צוויי גרויסע שווערע קרוגען מיט גאָלד. ער הערט פון די זייטען א שטארקע געצישעריי פון שלאַנגען — אָבער דאָס קול פון דעם מוהראבערס תפלות טראָגט זיך רוהיג אין דער הייל אריין און סלים שטארקט זיך און קוקט ניט אין די זייטען . . . פלוצלונג — אַן אויפרייס, דאכט זיך, אז דער פעלז האָט געפלאצט, אומגעפאלען און פערלעגט די הייל. א ווילדער שרעקליכער געלעכטער רייסט זיך און הילכט ארום. סלים דערשרעקט זיך, שטעלט זיך אָב א ווילע — אין די זייטען אָבער קוקט ער דאָך ניט. ער פרובט נור פאמעליך ווייטער טרעטען, ער געהט, דער וועג הינטער איהם איז פריי — און ער געהט ווייטער. סאָוועס פליהען אום און שרייען, קינדער זיפצען, קרעכצען מיט א פער־

שטיקטער שטים, א געוויין, א געלעכטער, א געיאָמער, א געשריי — סלים שפּרייזט. אָט בעוויזט זיך שוין דער אָבשיין פון דעם פייער, וואָס פאַר דער הייל — די קולות ווערען ענט־שווינגען. סלים זיפּצט אָב פערגרינגגערט — נאָך דריי־פיער טריט און ער איז אויף דער גאַס. נור דאָ האָט ער פלוצלונג דערהערט אַזוי ווי דאָס קול פון דעם מוהראבער, וועלכער פּאַטשט מיט די הענד און זאָגט איהם: „געה צוריק! קרוגען מיט בלייז האָסטו גאָר גענומען, ניט מיט קיין גאָלד!" — סלים איז צוטומעלט געוואָרען און זיך אומגעקוקט אַהינטער. און גלייך זיינען איהם די הענד אויסגעדרעהט געוואָרען, די קרוגען זיינען מיט א שטאַרקען קלאַנג ארויסגעפאַלען און ביידע העלפט פעלזען האָבען שנעל זיך גענומען צונויפציהען. און ווען דער מוהראבער כאַפּט ניט אָן סלים'ן און שלעפּט איהם ניט גיך אַרויס, וואָלט ער דאָרט זיכער צוקוועטשט געוואָרען. א שטיק פּאָלע פון זיין אַבאיע איז שוין געבליבען א פערקלעמטע צווישען די צוויי העלפטען פון פעלז... דער מוהראבער, זעהענדיג, אז סלים איז אַרויס מיט ליידיגע הענד, האָט ער א שפּיי געטהאָן מיט פערדרוס און איז פערשוואונדען געוואָרען צווישען די פעלזען.

— יאָ, יאָ, חביבי — האָט אבו־מחמוד גע־ענדיגט זיין ערצעהלונג און געקוקט אויף מיר מיט זיינע בלישצענדע, דורכדרינגענדע אויגען — דער אוצר וואָס אין „חרבת־אל־יהוד" איז גאָר ניט קיין בבא־מעשה.

דאָס פייער אין דער הייל האָט זיך אָנגע־הויבען לעשען. עס כאַפּט זיך נאָך אָן ווען ס'איז א גרעזעל און שווערע שאָטענס ציטערן אויף און בעוועגען זיך אין דער הייל. פון ער־גיץ טראָגט זיך אָן פּלוצים דאָס וואָיען פון א שאַקאַל, וועלכעס קלינגט אַזוי קלאָגעדיג פונקט ווי קליינע קינדער וואָלטען דאָ ערגיץ געוויינט, פערבלאָנזשעטע אין דער מדבר... אבו־מחמוד זיצט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנד פון דער הייל און ער שווייגט, הערט זיך איין. איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ פון דער הייל און זעה די גאַנצע וויסטע ארום איז איינגעפּרעסט אין א געדיכטער פינסטערניש, וועלכע ליגט אַזוי שווער אויף די פעלזען און אויף די בערג גלייך ווי זי וואָלט זיי געשטיקט אונטער זיך. עס דאַכט, זיי הויבען יעצט אוים דעם לעצטען וואָ־רימען אָטעם זייערען . . .

א שווערע שטילקייט . . .

א משונה'דיג קול האָט זיך פּלוצים אין א עכאָ צווישען די בערג צעקלינגען, אַזוי ווי עפּיס א גראָב געלעכטער פערשטיקט אין א יעמערליך געוויין. אבו־מחמוד איז אויפגעציטערט געוואָ־רען. ער האָט אונטערגעוואָרפען א דאָרן אין פייער אריין עס זאָל אויפפלאַמען.

— א דבה? — פרעג איך אבו־מחמוד'ען, וועלכער שעפּצעט: לא אלה איל אלה —

— ניין, — ענטפערט ער שטיל — דאָס בילט אַזוי דער הונט פון „מרת לוט".

— וואָס איז דאָס?

— ווייסט גאָר ניט די מעשה מיט'ן נבי לוט?

און אבו־מחמוד הויבט מיר אָן דערצעהלען, ווי אַזוי דער צדיק „שייך לוט" מיט זיין הויז־געזינד איז ניצול געוואָרען מיט דער הילף פון אַללה פון דער סדום־איבערקעהרעניש. אָט דאָ אויף דעם אָרט אין „חרבת־אל־יהוד" האָט זיין ווייב זיך אומגעקוקט הערונטער און איז געוואָ־רען א שטיק זאַלץ. און דעם צדיק'ס הונט, וועל־כער איז נאָך זיי נאָכגעלאָפען און אויך זיך געהי־טען ניט אומצוקוקען זיך, ווען ער האָט דער־פיהלט, אז זיין בעל־הבית'טע איז געבליבען שטעהן און געהט ניט ווייטער, האָט ער זיך אומגעקוקט און אויך געוואָרען א שטיק זאַלץ.

— און אַלע נאַכט — ענדיגט אבו־מחמוד — כאַפּט זיך „מרת לוט" אויף און הויבט אָן ארומבלאָנדזשען אין דער וויסטע, זוכט דעם מאַן און די טעכטער איהרע, און דער הונט נאָך איהר בילט און וואָיעט אויף א קול. און וועה איז דעם וועמען עס בעגעגענט אַט דער הונט — —

— מוחמד־סעי־ים! — האָט אבו־מחמוד זיך צושריגען אין דער שטומער נאַכט אריין, ארויס־שטעקענדיג דעם קאָפּ פון דער הייל, און מיט א פערבאָרגענער שרעק איז ער אַזוי געבליבען אָנגעצויגען וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער. ערשט אין א ווײַלע אַרום האָט איהם פון דערווייטען אָבגעענטפערט א פייף. אבו־מחמוד האָט זיך בערוהיגט, א פאָר מאָל אָבגעזיפצט און זיך אַוועקגעלעגט אויף דער אויסגעשפּרייטער אבאיע.

איך האָב ווידער ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ א קוק צו טהון אויף דער חרבת־אל־יהוד, און א ווײַלע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז זי צי־טערט און טרייסעלט זיך איינגאַנצען מיט אַלע איהרע שוואַרצע שטיקער פינסטערניש, מיט אַלע איהרע בערג און פעלזען . . . עס הערען זיך טריט. עמיצער געהט אַהער. ווער איז דאָס?... מוחמד־סעיד מיט דער ביקס.

ער איז אַריינגעקומען א בייזער.

— וואָס האָסטו מיך עפּיס גערופען! — האָט ער א זאָג געטהון מיט פערדרוס.

אבו־מחמוד האָט געקוקט אויף איהם פער־זינדיגט, ווי איינער, רעדט: כ'האָב דיר גע־שטערט?

יענער האָט איהם אָבגעענטפערט מיט א בייזען בליק.

איך האָב דערקענט, אז זיי האָבען עפּיס א סוד צווישען זיך. איך האָב מיך איינגעוויי־קעלט אין מיין אבאיע און זיך געלעגט שלאָפען.

דוכט מיר, אז פון שלאָף האָב איך עפּיס געהערט, ווי זיי סוד'ען זיך וועגען „קינז"

(אוצר). דערנאָך זיינען זיי אויפגעשטאַנען און ביידע שטילערהייט אַרויס פון דער הייל.

און אפשר האָט זיך עס מיר נור אַזוי אויסגעראכט אין חלום.

מיר זיינען אויפגעשטאַנען מיט'ן פריהמאָרגען צוגלייך. די בערג אונטען זיינען נאָך געווען אין גראָהען געהילט. נור איין באַרג־שפּיץ, דער העכסטער פון אלע, האָט זיך שוין גערויטעלט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי עמיצער האָט איהם אַ רויטע פעסקע אָנגעטהון בשעת ער שלומערט נאָך אין דער פריהמאָרגענדיגער פרישקייט.

מוחמד־סעיד איז שוין אוועקגעגאַנגען אין זיינע פערבאָרגענע ערטער. אַבו־מחמוד איז אַרויס צום קוואַל, זיך אָבגעוואַשען און, מיט'ן פנים אין דער זייט פון מעקקא געווענדעט, האָט ער אָנגעהויבען זיין קורצע תפלה. איך האָב זיך אויך אָבגעוואַשען, אָבווישענדיג זיך מיט דער פּאָלע פון דער אַבאַיע.

די בערג־שפּיצען זיינען אַלץ רויטער געוואָרען. אַלץ נידריגער האָט זיך דער ראָזאָווע ליכט־שלייער אויף די בערג אַראָבגעלאָזען, אַלץ ברייטער זיך צואוואָרפען און ארומגעהילט זייער מעכטיגען קערפּער. די נאַכט־שאָטענס זיינען זיך שטיל צולאָפען און זיך אין די שפּאַלטען פון די בערג און אונטער די שטיינער בעהאַלטען.

אַבו־מחמוד האָט גענומען אַ בינדעל גראָז אין דער האַנד אַריין און מיך גערופען צוריק אין דער הייל אַריין. געהענדיג האָט ער מיט דעם בינדעל גראָז פערווישט די שפּורען פון אונזערע טריט:

— כדי ז י י זאָלען אונז ניט בעמערקען, — דאָ וועלען מיר זיי וואַרטען — האָט ער מיר ערקלעהרט.

מיר זיינען אַריין אין דער הייל און גענומען פערלעגען איהר אַריינגאַנג מיט דערנער און שטיינער.

— היינט וועט מיט גאָטס הילף זיין אַ גוטער יאַגד — האָט אַבו־מחמוד בעמערקט — דאָ איז אַ גוט אָרט, ניט אַלע ווייסען פון דעם.

— באיכם אַללה אילרחמן ואילרחים! — האָט אַבו־מחמוד אָנגעהויבען מיט דער געוועהנליכער תפילה, אָנגעלאָדען די ביקס, אַראָבגעלאָזט זיך אויף די קניע און אַדורכגעשטעקט דעם שפּיץ פון דער ביקס־רעהר דורך די דערנער, וואָס האָבען פערלעגט דעם אַריינגאַנג פון דער הייל. איך האָב אויך געטהון דאָס זעלבע.

אין דעם האַלב־דונקעל פון דער הייל האָבען מיר זיך איינגעהערט, צי קומען ניט אָן די סערנעס. איך האָב אַרויסגעקוקט פון די לעכער אויף די שוואַרצע פעלזען און אויף די הויכע בערג, וועלכע די זון האָט שוין פערגאָסען מיט איהרע מאָרגען־שטראַהלען — און אפילו דאָ אין דעם וויסטען אָרט האָט זיך אויך אַ לעבען בעוויזען. גאָט זיינען קליינע פויגעלעך געקומען צו פליהען. זיי שוועבען און שפּרינגען לוסטיג איבער דעם קליינעם ריטשקעלע וואַסער, וואָס פליסט זיך שטיל, פּאַמעליך אונטערן שטיין. אַ קליין ווילד־חזיר'ל קומט אָנצולויפען און שטעלט זיך טרינקען ביים קוואַל. מיט לייכטע, שטילע טריט גנב'עט זיך דורך אַ פוקס, קוקט זיך פּאָרזיכטיג אום אין אַלע זייטען און ווערט פערשוואונדען צווישען די טונקעלע, אַזוי ווי אָבגעסמאַליעטע שטיינער. און דאָרט אין דער הויך, ווייט ווייט אין דעם הימעל־בלאָה טראָגט זיך רוהיג, צייכענט לאַנגזאַם ברייטע קרייזען עפּיס אַ גרויסער רויבפויגעל.

און מיר זיצען אין דער שטיל און וואַרטען אונגעדולדיג אויף דעם קומען פון די סערנעס. אַבו־מחמוד שעפּצעט עפּיס — ער מוז אַוודאי מתפּלל זיין אָדער אָבשפּרעכען, אַז די סערנעס זאָלען קומען.

איך הער אין דער שטילקייט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט מיר. איך האָב שוין קיין געדולד ניט, איך וואָלט געוואָלט אַ שאָס טהון, אַ געשריי טהון, איבעררייסען די טויטע שטילקייט וואָס הערשט דאָ, בעלעבען מיט אַ עכאָ די דאָזיגע בייזע, וויסטע בערג . . .

— ששש . . . ששש . . . — האָט אַבו־מחמוד זיך אַ קעהר געטהון צו מיר מיט אַזאַ לייכטע בעוועגונג, פונקלענדיג מיט די אויגען ווי אַ חיה אַ דורס.

איך האָב אויף איהם געקוקט פרעגענדיג.

— קודאַמאַק*), — האָט ער קורץ אָבגעענטפערט.

איך האָב צום ערשטען גאָרניט געזעהן, נור איינקוקענדיג זיך מעהר, האָב איך בעמערקט, ווי עפּיס בעוועגט זיך צווישען די שטיינער און פּלוצלונג — אויפ'ן שפּוע פון באַרג, קלאָהר זיך אָנצייכנענדיג אין דער לויטערער לופט, שטעהען סערנעס. גאָלדיגע, לייכטע און ווייבליך־צאַרטע. פיער — אַ מוטער מיט דריי קינדער. איינס נאָכ'ן אַנדערען, שלאַנק און לייכט טרעטען זיי איבער אויף זייערע דינע פיסלעך, גרייט, ביי דעם מינדעסטען גערויש פערשווינדען צו ווערען.

דאָס האַרץ האָט אין מיר אויפגעציטערט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען זעה איך אַזוינע שעהנע בעשעפּענישען. און ניט וואַגענדיג קיין וואָרט אויסצורעדען האָב איך מיך אויסגעדרעהט אין אַבו־מחמוד'ס זייט אַריין צושטעלענדיג צום שטערען צוויי פינגער אַזוי ווי הערנער. דערמיט האָב איך שטומערהייט געוואָלט פרעגען, פאַר וואָס האָבען די סערנעס קיין הערנער ניט.

---

*) קודאַמאַק — פּאָראויס.

אבו־מחמוד האָט מיר ניט געענטפערט. ווי א טיגער, ווי א פאַנטער האָט ער זיך מיט׳ן גאַנצן קערפער אָנגעצויגען אין דער זייט פון די סערנעס. די אויגען האָבען פונקען געשאָטען.

און די סערנעס האָבען זיך אַלץ נידריגער פון בארג אַראָבגעלאָזען. אָט טרעטען זיי אויף זייערע געטאָקטע פיסלעך קליינע, געמאָסטענע טריט. די קליינע בע׳חנ׳טע קעפּלעך הויבען זיך גראציעז און קוקען אין אלע זייטען. עס דאכט מיר, אַז איך זעה אפילו דעם גלאַנץ פון זייערע שעהנע אויגען, די ליעבליכע אויגען, וועלכע ווערען אזוי בעזונגען אין די אַראַבישע ליעדער . . .

אָט דאָס, הייסט עס, זיינען זיי די צויבערשעהנע בערג־קינדער, וואָס פליהען ווי אָדלער איבער פעלזען און אָבגרונדען. דאָס זיינען זיי די פלינקע, די געשיקטע, וואָס קיינער קען זיי ניט דעריאָגען, וועלכע דערפיהלען פון ווי ווייט דעם מענש און אויף וועמען דער יאַגד איז אַזוי ערמידענד, צורייצענד און ענטציקענד. אָט דאָס זיינען זיי, וועלכע קומען אלץ נעהענטער צו צו אונז. איז דאָס ניט קיין חלום ? . . . טרינקען געהען זיי, זיי זיינען דורשטיג — און זיי ניעדערען אַראָב, די שעהנע, ניעדערען אַראָב מיט בע׳חנ׳טע טריט נעגען טויט . . .

אבו־מחמוד איז אַזוי ווי צוגעוואקסען צו זיין ביקס, זיך צוזאמענגעגאָסען אין איין קערפער, און איך — ביי מיר אין האַנד האָט די ביקס געציטערט, געציטערט ווי מיין האַרץ . . .

שטיל. מען הערט נור אונזער האַרץ־קלאַפען. די סערנעס דערנעהנטערען זיך אַלץ מעהר. אָט איז איינע אויף א פעלז אַרויפגעשפּרונגען, זיך אַוועקגעשטעלט, אויפגעהויבען דעם שעהנעם קאָפּ און זי קוקט זיך אַרום פון דער הויך . . . מיר מעסטען אָב די שטרעקע מיט די אויגען, שטעלען אָן שווייגענדיג די ביקסען און פלוצלונג — עס קראכט און קנאַלט איבער אונזערע קעפּ, אָט גלייך ווי אַלע בערג וואָלטען איינגעפאלען.

האַסטיג זיינען מיר פון אונזערע ערטער אויפגעשפרונגען, אָנשלאָגענדיג זיך מיט די קעפּ אין נידריגען סופיט. אין איין אויגענבליק איז דער פערשטעלטער אַריינגאַנג צואוואָרפען געוואָרען און מיר זיינען אַרויס פון דער הייל.

פון די סערנעס איז שוין קיין זכר ניט געבליבען, נור אַקעגען אונז איז געשטאַנען מוחמד־סעיד, מיט א ברייטען שמייכעל אויפ׳ן פנים צולעגט און אין דער האַנד א צאַפּעלדיגער, נור וואָס דערשאָסענער, פויגעל.

— דאָ זיינען דאָך סערנעס געוועזן ! — האָב איך בעז און מיט הארצוועהטאָג אויסגעשריען. אבו־מחמוד האָט אַזש ניט געקענט רעדען. ער האָט נור א שפּיי געטהון מיט גאַל און פון האַלז האָט זיך ביי איהם א מאָדנער כאָרכלען אַרויסגעריסען, ווי ביי א צובייזערטע ווילדע חיה.

מוחמד־סעיד האָט זיך אַזוי ווי פערשעמט און פערזינדיגט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. שווייגענדיג האָט אבו־מחמוד גענומען אָברוימען דעם הייל־אַריינגאַנג פון די שטיינער און דערנער. מוחמד־סעיד האָט אָנגעלעגט א פייער, אָבגעבראָטען דעם פויגעל און מיר האָבען זיך געזעצט עסען פריהשטיק.

— א סך ? . . . — האָט מוחמד־סעיד, ביים עסען, א פרעג געטהון.

— פיער. — האָט אבו־מחמוד אַרויסגעברומט.

— וואו ? — האָט מוחמד־סעיד ווידער געפרעגט.

— אָט זיינען די שפּורען זייערע, — האָט אבו־מחמוד מיט דער האַנד אָנגעוויזען, גלייך ווי מען וואָלטווירקליך פון דאנען געקענט אָנזעהן די שפּורען פון די סערנעס טריט אויף די פעלזען.

— און וואוהין ? . . .

— ווער האָט געקענט זעהן ? זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען — און פערפאַלען.

— מסתמא אַהין, — האָט מוחמד־סעיד א זאָג געטהון און אָנגעוויזען מיט דער האַנד אין דער זייט פון וואַדי־על־אַרנון — איך וועל געהן מיט אייך זיי אָבזוכען.

— אוצרות זוכען ביסטו א בריה, אָבער ניט קיין סערנעס ! — האָב איך איהם אַריינגעוואָרפען א שטאָך־וואָרט.

ביידע אַראַבער האָבען אויף מיר אָנגעשטעלט דערשראָקען־פערוואונדערטע אויגען : א מענש זאָל גאָר חוזק מאַכען פון א אוצר ! . . .

ענדליך זיינען מיר אויפגעשטאַנען, אָנגעפילט אונזערע קליינע לאָגלען מיט וואַסער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

איבער שטיינער און פעלזען, האָבען מיר אַרויף און אַראָב נאָך מוחמד־סעיד׳ן געקלעטערט, וועלכער איז, שווייגענדיג, געגאַנגען פאָראויס. די זון איז שוין הויך אין הימעל געשטאַנען און אונז אָהן רחמנות געבראָטען מיט איהרע ברענענדע, גלייך־פאַלענדע שטראַהלען.

די שטיינער פון די בערג אַרום האָבען זיך שטאַרק צוגליהט און עס האָט פון זיי געפייערט ווי פון א צוברענטען אויווען. עס איז געוואָרען אַזאַ שרעקליכע היץ, אַזאַ אונערטרעגליכע שטיקעניש, אַז מען האָט קוים געקענט כאַפּען דעם אָטעם. מיעד, אָבגעהענדיג אין שוויים, האָב איך מיך נאָכגעשלעפּט נאָך די אַראַבער און אין האַרצען האָט געברענט א כעס אויף דעם איינציגען שולדיגען אין די מאַטערנישען, אויף מוחמד־סעיד׳ן, וועלכער האָט, ווי ניט איהם מיינט מען, געהאַלטען אין איין שפּאַנען פאָראויס.

— וואוהין ? — האָב איך אַ פרעג געטהון מיט אַ פערטריקענט־הייזעריגע שטימע.

— אין וואַדי צו מיטאָג — האָט מוחמד־סעיד געענטפערט און, ווי אַ קאַץ, אַרויפגעקלעטערט אויף אַ הויכען פעלז אויסצוקוקען פון דאָרט דעם קירצסטען וועג צום וואַדי־על־אַרנון (טאָל אַרנון).

אַהער, אין דעם וויסטען טאָל אַריין קומען די חיות, ווען עס ווערט היים, זיך אָברוהען, בעהאַלטען זיך אין שאָטען פון די בוימער. וועלען מיר דאָ אונזערע סערנעס טרעפען ? . . .

ערשט נאָך האַלבען טאָג זיינען מיר צוגעקומען צום ראַנד פון דעם טיעפען, מיט הויכע פעלזען־װענד אַרומגערינגעלטען, וואַדי. אַ קיהל, דערפרישענד ווינטעל האָט צו אונז אַרויפגעבלאָזען פון אונטען, וואו שלענגלענדיג האָט זיך אַ ברייטע גרינע לענטע פון בוימער און קוסטעס געצויגען. אַ שטיל גערויש האָט זיך אַהער דערטראָגען פון דעם וואַסער־שטראָם וואָס לויפט אין ים אַריין.

— תפדל ! — מיטאָג.

איך האָב ניט געקאָנט עסען גלייך מיט זיי די „פתא“, וועלכע איז פון דער היץ געוואָרען האַרט ווי גלאָז, און איך האָב מיך צוגעלעגט אָברוהען אַ ביסעל אין שאָטען פון אַ פעלז. איך וואָלט שוין גערן געוואָלט זיין אונטען, קענען זיך בעהאַלטען פאַר דער זון, כאַפען אַ דרימעל אין שאָטען פון די בוימער, נעבען דעם טייכעל, וואָס שלענגעלט זיך דאָרט און רוישט אַזוי ליבליך.

נאָך דעם מיטאָג האָבען די אַראַבער זיך אויפגעהויבען און מיך מיטגערופען אַראָבצוגעהן מיט זיי אונטען. זיי האָבען זיך אויך געוואָלט אָברוהען ערגיץ אין שאָטען פון אַ בוים ביז די זון וועט זיך זעצען און די סערנעס וועלען זיך אָנהויבען אַרויסצובעווייזען.

מיר לאָזען זיך אַראָב אַלץ טיעפער אין טאָל. איך בין שרעקליך אָבגעמאַטערט, דער קאָפ דרעהט זיך, עס מינעט זיך אין די אויגען, עס קלינגט אין די אויערען, די פיס זעצען זיך. דערצו האָט זיך נאָך די ביקס אַזוי ווי אָנגעגליהט אויף דער זון און זי ברענט מיר די פלייצעס. איך קריך אויף אַלע פיער, שלעפ זיך קוים און עטליכע מאָל האָב איך מיך שיעור ניט אַראָבגעקאַטשעט אונטען.

די אַראַבער זיינען שוין געשטאַנען ווי ווייט, ווען איך האָב מיך צוגעשלעפט צו אַ שפאַלט פון אַ גרויסען פעלז, וואו עס איז אַ בוים געוואַקסען. איך האָב זיך אַנידערגעלעגט אונטער דעם בוים. אַבו־מחמוד האָט זיך אומגעקעהרט און צוגעגאַנגען צו מיר, נור איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך וועל מיך דאָ אָברוהען און ווייטער ניט געהן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען נעבען מיר, מיך בעדויערט, דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען. מיך האָט וועניג געקימערט וואָס אַבו־מחמוד און מוחמד־סעיד וועלען זאָגען אויף מיר, וואָס זיי וועלען טראַכטען וועגען מיר, צי וועלען זיי געפינען אוצרות און סערנעס, צי ניין, — איך האָב נור געוואָלט ליגען, ליגען מיט פערמאַכטע אויגען, אַנדרימעלט ווערען און שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען . . .

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשלאָפען, נור אויפגעכאַפט האָב איך זיך, ווייל עפּיס האָט מיר אַ קלאַפ געטהון אין אַקסעל. פערוואונדערט, רייבענדיג די אויגען פון שלאָף, האָב איך מיך אין אַלע זייטען אומגעקוקט — וואו בין איך דאָ ערגיץ ? —

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַראָבלאָזען הינטער די בערג. אַ גרויסער, ברייטער שאָטען האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם וואַדי, וועלכער לאָזט זיך אַראָב און שלענגעלט זיך אין ברייטע און לאַנגע זיגזאַגען. אַ פרישׁ ווינטעל וועהט פון די בערג. די פויגעל האָבען זיך שוין אויפגעכאַפּט פון מיטאָג־שלאָף און זיי יאָגען זיך, שוועבען אום אַהין און אַהער איבער'ן וואַדי. ווילדע טויבען פליהען אָן, שניידען דורך די לופט ווי פיילען.

איך קוק זיך אַרום, זוך מיט די אויגען אַבו־מחמוד'ען און מוחמד־סעיד'ען. איך האָב שוין געוואָלט אַ רוף טהון — נור פּלוצים בין איך געבליעבען שטעהן אַ פערשטאַרטער, דער רוף איז מיר ווי געבליבען שטעקען אין האַלז.

פונקט געגען מיר, אויף אַ פעלז, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצעט פון דער צווייטער זייט וואַדי, איז אַ יונגע סערנע געשטאַנען.

ווי אין שטיין אויסגעהאַקט, האַלב אין שאָטען און האַלב מיט די שטראַהלען פון דער פאַרנאַכטיגער זון פערגאָסען, איז זי געשטאַנען אונבעוועגט, גלייך זי וואָלט אַלעמען געוואָלט בעווייזען איהר שעהנקייט. שטילערהייט האָב איך מיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע, די ביקס גענומען און פאַמעליך אָנגעהויבען ציעלען, נור עס האָט מיר אויסגעוויזען, אַז זי שטעהט צו ווייט און איך האָב מיך געשראָקען, טאָמער וועט זי די קויל ניט דערגרייכען. איך ציעל זיך אָן, און זי שטעהט אַלץ אַזוי רוהיג, קוקט אין מיין זייט אַריין, פונקט ווי זי זעהט מיך, נור זי ווייסט, אַז איך קען גאָר ניט מאַכען און זי האָט ניט מורא.

פּלוצלונג האָט זיך איבער מיר אַ לייכטער שאָרך דערהערט. אַ קליין שטיינדעלע איז אַראָבגעפאַלען, מיר אַ קלאַפּ געטהון אין קאָפּ אַריין. דערשראָקען האָב איך דעם קאָפּ אויפגעהויבען און דורך די צווייגען פונ'ם בוים האָב איך נאָך אַ סערנע דערזעהן. נור דעם ווייסליכען בויך האָב איך געזעהן און די פיס . . . דאָ האָב איך מיך אין גאַנצען פערלוירען — צוויי סערנעס פון צוויי זייטען, אין וועלכער זאָל איך ציעלען ? . . .

נור אָט האָט זיך די סערנע וואָס איבער

מיין קאָפּ אַ ריהר געטהון און ווידער האָט זיך אַ שטיינדעל אַראָבגעקייקעלט, צו מיינע פיס געפאַלען און שיער ניט אָנגעשלאָגען אין מיין ביקס. און באַלד האָט זיך ווי אויטאָמאטיש, אָהן מיין ווילען די ביקס אַ הויב געטהון, אָנגעשטעלט זיך געגען דעם ווייסען שטרייף אויף דער סערנעס בויך און — טראַך!

— טראַך! טראַ־ראַך! — האָט דער עכאָ אונטערגעכאַפּט דעם קנאַל, איבערגע׳חזר׳ט און צוטראָגען איהם אין אַלע זייטען.

אַ רעגען פון קליינע שטיינדלעך האָט זיך אויף מיר אויסגעשאָטען — די סערנע איז געפאַלען.

ווי אַ משוגע׳נער בין איך אויפגעשפּרונגען פון אָרט, בין אומגעפאַלען און אָנגעהויבען אַראָבקייקלען זיך אין טהאָל אַריין. נור באַלד בין איך ווידער אויפגעשפּרונגען און ארויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי:

— קינז! קינז! (אַ אוצר!)

פון ערגיץ האָט זיך מוחמד־סעיד בעוויזען, לויפענדיג אַ דערשראָקענער מיט דער ביקס פאָראויס און שרייענדיג פערסאָפּעט:

— וואו איז ער? איך האָב דאָך איהם געזוכט! איך האָב דאָך דיך געבראַכט אַהער!

פון צווישען די ביימער איז אַרויסגעקומען אַבו־מחמוד. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט נעבען דער דערשראָקענער סערנע, וועלכע איז, פאַלענדיג, פערהאַלטען געוואָרען אין אַ בוים, און ער האָט זיך צושמייכעלט:

— אָט איז דעם יוד׳ס אוצר.

מוחמד־סעיד איז אַ ווײלע געשטאַנען ערשטוינט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהון אויף מיר און אַ זאָג געטהון:

—שאַטער!

צוגעהענדיג צום בוים האָב איך דערזעהן די סערנע, וועלכע איז געלעגען דעם קאָפּ אונטער׳ן קערפּער אַרונטערגעדרעהט און איהר פאָדערשטע פיס אויסגעצויגען אויף די שטיינער, גלייך ווי זי וואָלט אין איהר לעצטער גסיסה־מינוט די שטיינער פון איהר היים אַרומגענומען און ביי זיי הילף געבעטען.

אַ לייכט בערג־ווינטעל האָט געשאָקעלט די אַראָבגעלאָזטע, צובראָכענע צווייגען, פון וועלכע עס האָבען טראָפּענס גערונען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי בעדויערן, בעוויינען דעם פריהצייטיגען טויט פון דער יונגער, שעהנער סערנע, וואָס ליגט אונטער זיי.

די זון האָט דורך די צווייגען פון בוים איהרע לעצטע שטראַהלען דורכגעשפּיזט און מיט בעוועגליכע גאָלדענע פלעקען דעם טויטען קערפּער בעציערט, פון וואָס עס האָט אויסגעוויזען, אַז די סערנע ציטערט נאָך אַ לעבעדיגע, טרייסעלט מיט איהר פעל, אָבטרייבענדיג די פליגען . . .

אַבו־מחמוד און מוחמד־סעיד זיינען צוגעטרעטען אָבשינדען די סערנע. איך בין אָב אין אַ זייט, ניט קענענדיג דאָס צוזעהן.

אונטער אַ בוים, נאָהנט צום וואַסער האָב איך מיך אַנידערגעזעצט און פון זיך, מיט פעראַכטונג, די ביקס אָבגעוואָרפען. איך האָב דעם קאָפּ אויף די הענד אָנגעשפּאַרט און זיך איינגעקוקט אין דעם שטיל־פליסענדען וואַסער.

שטילע, פערנאַכטליכע שאָטענס האָבען זיך געשפּרייט און איינגעהילט פּאַמעליך דאָס וואַסער, די ביימער און די פעלזען פון אויבען. און דאָרטען ווייט ווייט, הויך הויך האָט זיך אַ גרויסער פויגעל געטראָגען און ברייטע קרייזען געקרייזט. באַלד האָט זיך אַ צווייטער בעוויזען און אַ דריטער. זיי האָבען בלוט דערפיהלט און געקומען אנטהייל נעהמען אין דער סעודה.

פון אונטערן בוים האָט זיך דאָס קול פון די אַראַבער געהערט, וועלכע האָבען די סערנע געשונדען:

— העכער . . . נאָך אַ ביסעל . . . אָט אַזוי . . . פּאַמעליך ציה די פעל . . . בלאָז זי אָן.

קינז . . . איז דען ניט יעדע סערנע אַן אוצר פון דער וויסטע? — בין איך געזעסען מיט אַ מאָדנער האַרץ־קלעמעניש, קוקענדיג אויף די אַרומיגע בערג, וועלכע האָבען אַזוי ברוגז׳ליך און אָנגעלאַדען אויסגעזעהן אין דער אָנקומענדער נאַכט.

קינז . . . דער קינז פון דער וויסטע . . .

— האָב איך טרויעריג געטראַכט — און עפּיס האָב איך ביי מיר אויסגעזעהן פּונקט ווי יענער סאַלים, וועלכער איז, נאָכ׳ן זוכען דעם אוצר, אַהיים געקומען נאָך אָרימער ווי פריהער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אויסגעריסענער פּאָלע . . .

י. מ בודיש

ארבייטסלאָזיגקייט אין די פעראייניגטע שטאאטען

־ער פּראָגרעס אין דער בעציהונג פון דער געזעלשאפט צו דעם ארבייטסלאָזיגקייט־פּראָבלעם

פונקט ווי מיט דער אידענפראַגע קאָן מען מעסטען די פּאָליטישע ענטוויקלונג פון א לאנד, אזוי קאָן מען מיט דעם ארבייטסלאָזיגקייט ־ פּראָבלעם מעסטען זיין אינדוסטריעלע ענטוויקלונג. „אין א געוויסען זין, קאָן מען זאָגען, ליעגט די ארבייטסלאָזיגקייט ביים סאמע וואורצעל פון די מעהרסטע סאָציאלע פּראָבלעמען*). מעהר ווי יעדע אנדערע ערשיינונג פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, איז ארבייטסלאָזיגקייט פערבונדען מיט דעם סאמע עצם פון אונזער ווירטשאפטליכער אָרדנונג, מיט אלע איהרע אינערליכע ווידערשפּרוכען. ביי יעדער וויטערער ענטוויקלונגס שטופע טרעט אלץ שארפער ארויס „דער ווידערשפּרוך צווישען דעם געזעלשאפטליכען אופן פון פּראָדוקציאָן און דעם קאפּיטאליסטישען אופן פון פערטיילונג“ (ענגעלס). דער ווידערשפּרוך דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס „פון איין זייט וואקסט די אָ ר ג א נ י ז י ר ט ק י י ט פון דער פּראָדוקציאָן אין די איינצעלנע אונטערנעהמונגען און פון דער אנדער זייט וואקסט די א נ א ר כ י ע פון דער פּראָדוקציאָן אין דער גאנצער געזעלשאפט“ (ענגעלס). און די שטענדיגע „רעזערוו ארמיי“ פון ארבייטסלאָזע וואקסט מיט דעם וואוקס פון קאפּיטאליזם, וועלכער ברייננט מיט זיך — די אויבער־הערשאפט פון אינדוסטריע איבער אגריקולטור, די אויסשפּרייטונג פון די מערק, די קאָנצענטרירונג פון רייכטימער, די רעגעלמעסיגע קריזיסען און סלעק־צייטען.

ביז מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק האָט זיך די צרה פון ארבייטסלאָזיגקייט ניט געפיהלט בעזונדערס שטארק אין די פעראייניגטע שטאאטען. די פרייע ערד און די אונגעהייערע נאטור־רייכטימער, וואָס דאָס לאנד האָט פערמאָגט, האָבען געדיענט פאר דער אמעריקאנער געזעלשאפט ווי א בליץ אבלייטער. זיי האָבען צוגעצויגען צו זיך דעם אינדוסטריעלען רעזערוו. ארבייטסלאָזיגקייט פלעגט דארום בעטראכט ווערען אלס א רעזולטאט פון בייזען ווילען אָדער ספּעציעלער שלימזלדיגקייט. די ארבייטסלאָזע טויגעניכטסען — דער „פערזאָרגטער ווילליע“ און דער „אבגעריסענער רופוס“ — פלעגען ארויסרופען ביים עולם ניט קיין מיטגעפיהל, נאָר פרעהליכען געלעכטער. גאנצע דורות פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט זיינען ערצויגען געוואָרען אין דעם טיעפען גלויבען, אז ארבייטסלאָזיגקייט איז א ריין אייראָפּעאישע פּרוכט, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אקלימאטיזירען אויף דעם היגען באָדען. און טראדיציאָנעלע אנשויאונגען האָבען אן אויסערגעוועהנליכע דויערהאפטיגקייט. זיי לעבען איבער די אומשטענדען, וועלכע האָבען זיי בעשאפען. אפילו אין 20סטען יאָהרהונדערט, ווען די לאגע האָט זיך ראדיקאל געענדערט און דאָס לאנד פארמאָגט שוין אם וועניגסטען 15 פּראָצענט ארבייטסלאָזע, קאָן נאָך א פּראָפעסאָר פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע באמת גלויבען, אז „אין דיעזען לאנד דארף קיינער ניט ארומגעהן אָהן בעשעפטיגונג, אויב ער איז נאָר גרייט זיך צו פארנעהמען מיט יעדער ארט עהרליכער ארבייט, און איז ניט צוגעבונדען צו איין פּלאץ, נאָר קאָן פריי ארומפאָהרען איבער'ן לאנד“*)

אָבער די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון לאנד פאר די לעצטע פּאָר צעהנדליג יאָהר האָט דאָך געמוזט, אויב אויך לאנגזאם, ברייננגען א רעוואָלוציע אין דער געזעלשאפטליכער שטימונג. אפילו אין די גוטע אלטע צייטען פלעגען קריזיסען און זייערע נאכוועהענישען ניט קאָנען דורכגעהן אין גאנצען אונבעמערקט. דער קריזיס פון 1873 און די פאָלגענדע גרויסע סטרייקס פון 1877 האָבען געהאט זייער ווירקונג. בעת דער צעהלונג (צענזוס) פון 1880 ווערען צ ו ם ע ר ש ט ע ן מ אָ ל געזאמעלט ידיעות וועגען ארבייטסלאָזיגקייט. דער רשם פון קריזיס האָט אָבער, ווי עס שיינט, ניט אָנגעהאלטען לאנג, און אין וואשינגטאָן האָט מען ניט גערעכענט

*) W.H. Beveridge. "Unemployment" ז. 1. ביווערידזש איז דער דירעקטאָר פון די ענגלישע ארבייטס־אנווייזונג ביוראָס און איז א אנערקענטער אויטאָריטעט אין דער פראַגע.

*) פּראָפּ. וויקאָף אין זיין ערקלערונג פאר דער Industrial Commission באנד 14, ז. CI-CVII און 185—191.

פאַר נויטיג צו בעאַרבייטען און פּובליקירען די געזאַמעלטע ידיעות.

אַ גרעסערע ווירקונג אויף דער געזעלשאַפט האָט געמאַכט דער פאָלגענדער קריזיס פון 1883. בכלל זיינען די אַכטציגער יאָהרען דער ווענדונגס־פונקט אין דעם ווירטשאַפטליכען לעבען פון לאַנד. דער קאַפּיטאַליזם מיט אַלע זיינע אנגעוועהטאגטע פּראָבלעמען האָט זיך שוין שטאַרק געלאָזט פיהלען. „אין קיין יאָהר צעהנט פון אונזער געשיכטע זיינען נאָך ניט געווען אַזעלכע ווייט פערשפּרייטע בעווייזען פון אונצופריעדענהייט", שרייבט פּראָפעסאָר דיואַי וועגען די אַכטציגער יאָהרען. די אַרבייטער־בעוועגונג וואַקסט מעכטיג אויס. עס גרינדעט זיך (1881) די אַמעריקאַן פעדערײשאָן און די „נייטס אָוו לייבאָר" לעבען דאַן איבער זייער שטורמדיגסטע צייט. צו דערזעלבער צייט ווערט די אַרבייטסלאָזיגקייט אַ נאָרמאַלע ערשיינונג ביי אונז. און דער צענזוס פון 1890 קאָנסטאַטירט אין אַ גוטען יאָהר, אין אַ יאָהר פון פּראָספּעריטי — גאַנצע 3½ מיליאָן אַרבייטסלאָזע — גאַנצע 15,1% פון אַלע בעשעפטיגטע.

מערקווירדיג איז אָבער, דאָס די אַלטע טראַדיציעס זיינען נאָך אַזוי שטאַרק, אַז קיין פּאָליטישע פּאַרטיי שיינקט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט דעם אַרבייטסלאָזיגקייט־פּראָבלעם. אויף די קאָנווענשאָנס פון 1892 ווערט וועגען אַרבייטסלאָזיגקייט ניט גערעדט. אפילו די אַרבייטער פּאַרטייען, — די סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטיי און די פּאָפּוליסטען — וועלכע שטעלען אַרויס אין זייערע פּלאַטפאָרמעס פּיעלע אַרבייטער פאָדערונגען, דערמאַנען זיך לחלוטין ניט אָן אַרבייטסלאָזיגקייט. משמעות, אַז די צייט איז נאָך ניט געקומען פאַר פּראַקטישער פּאָליטיק אין דיזער ריכטונג. די לאַגע ענדערט זיך אין 1896. דאָס לאַנד האָט געהאַט דורכגעמאַכט איבער אַ נייעם אַ שווערען קריזיס (1893) און אין ווינטער 1893—94 דערגרייכט די אַרבייטסלאָזיגקייט אַ אונגעוועהנליכע גרויס. לאָמיר ווידער אויסהערען די קאָמפּעטענטע מיינונג פון פּראָפ. דיואַי: „די אַרבייטסלאָזיגקייט איז נאָך קיינמאָל ניט בעפאָר געווען אַזוי ווייט פערשפּרייט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען", שרייבט ער אין זיין ציטירטען ווערק. דער עלענד און נויט פון די אַרבייטסלאָזע נעהמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלקס־אונגליק. און די אידעע אַז די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, אַז די רעגיערונג דאַרף זיך אַריינמישען און שאַפען הילף דרינגט ביסלעכוויז אַריין אין געזעלשאַפטליכען בעוואוסטזיין. אין פריהלינג פון 1894 מאַרשירט פון קליינעם שטעדטעל מאַססיליאָן, אָהייאָ, קאָקסיס אַרבייטסלאָזע „אַרמיי" נאָך דער נאַציאָנאַלער הויפּטשטאַדט — וואַשינגטאָן — אום צו פאָדערן הילף פון דער פעדעראַלער רעגיערונג. עס מאַכט ניט אויס וואָס דער „מאַרטש" האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאַרס, וואָס די פיהרער האָט מען איינגעזעצט פאַר „געהן איבערן גראָז" אַרום ווייסען הויז, — די געזעלשאַפט האָט בעקומען די נויטיגע לעקציע. די לייכטזיניגע בעציהונג צו אַרבייטסלאָזיגקייט פערשווינדט אויף אימער. די סאָשעליסט לייבאָר קאָנווענשאָן פון 1896 שטעלט צום ערשטען מאָל אַריין אין איהר פּלאַטפאָרם דעם פּונקט וועגען אַרבייטסלאָזיגקייט. די פּאַרטיי פאָדערט „ביי די רעגיערונגס פאָרשטעהער בעשעפטיגונג פאַר די אַרבייטסלאָזע" (סעקשאָן 12 פון דער פּלאַטפאָרם פון 1896). דעמזעלבען פּונקט, נור מיט דער בעגרענצונג „ווי ווייט מעגליך", נעהמט אָן די פּאָפּוליסטישע קאָנווענשאָן. (סעקשאָן 5 פון די „דזשענעראַל פּראָפּאָזישאָנס" פון דער פּאָפּוליסטישער פּלאַטפאָרם).

די אַרבייטסלאָזיגקייט ווערט אָבער אַלץ גרעסער. דער צענזוס פון 1900 צעהלט שוין גאַנצע 6½ מיליאָן אַרבייטסלאָזע, גאַנצע 22,3 פּראָצענט, פון אַלע בעשעפטיגטע. צו דערזעלבער צייט שטעלט די „סאָציאַל דעמאָקראַטישע" פּלאַטפאָרם (דעבס) צום ערשטען מאָל אַרויס אויסער דער פאָדערונג פון „פּאַבליק וואָירק" (עפענטליכע אַרבייט) אויך די פאָדערונג פון אַרבייטסלאָזען־פערזיכערונג (פּונקט 9 פון דער פּלאַטפאָרם פון 1900).

אַזוי קריסטאַליזירט זיך אויס ביסלעכווייז די שטעלונג פון די אַרבייטער פּאַרטייען צו דעם אַרבייטסלאָזיגקייט פּראָבלעם. גאַנץ אַנדערש שטעהט עס מיט די בירגערליכע פּאַרטייען, די ראַדיקאַלע אויך איינגעשלאָסען. שוין אָבגערעדט פון טעפּטס בעוואוסטער ערקלערונג: „גאָט ווייס, איך ווייס ניט וואָס צו טהון מיט דער אַרבייטסלאָזיגקייט". גאָר אפילו די פּראָגרעסיווע „בול־מוז" פּאַרטיי, מיט אַלע איהרע גע'גנב'עטע סאָציאַליסטישע פּלענקס, דערמאָנט אַ וואָרט ניט אין איהר פּלאַטפאָרם (1912) די אַרבייטסלאָזיגקייט.

און די אורזאַכען פאַרוואָס די בירגערליכע פּאַרטייען איגנאָרירען אַזאַ דרינגענדע פראַגע דאַרף מען זוכען אין . . . וואָל־סטריט. פאַר וואָל־סטריט איז די איצטיגע אַרבייטסלאָזיגקייט נאָך צו קליין. זי שאַפט נאָך ניט גענוג פרייע הענד פאַר אונזערע אינדוסטריע קאַפּיטאַנען, כדי אַראָבצודריקען די שכירות. אין אַ עדיטאָריעל פון וואָל סטריט זשורנאַל 1911 בעקלאַגט זיך דער שרייבער: „צוליעב דעם צאָהלען מיר אויף העכערע שכירות, ווייל מיר פערמאַגען ניט די אייראָפּעאישע מיטלען זי צו פערקלענערען. אַרבייטסלאָזיגקייט אין אייראָפּאַ מיינט אַז אַ גרויסע מאַסע אונבעשעפטיגטע און אפילו אַ טייל בעשעפטיגטע מוזען אנקומען צו צדקה. ווערען געשאַפען געזעצען וועגען הילפע פאַר אָרימע. דאָס פיהרט איין אויטאָמאַטיש קאָנקורענץ אויף דעם אַרבייטער־מאַרק און פאַרקלענערט די

שכירות . . . ביי אונז איז די לאָגע גאנץ אנ־דערש. א גרויסע צאָהל פון אונזערע ניט גע־לערנטע ארבייטער זיינען פרעמדע און קאָנען פערלאָזען (אין שלעכטע צייטען) דאָס לאַנד"......

וואָל־סטריט וועט פריהער מוזען אנערקע־נען, אז זי האָט שוין גענוג ארבייטסלאָזע, איי־דער אונזערע בירגערליכע פּאַרטייען וועלען קרי־גען חשק זיך צו פערנעהמען מיט דעם ארבייטס־לאָזיגקייט־פּראָבלעם. אָבער זיי וועלען ווערן גע־צוואונגען דערצו.

די ארבייטסלאָזיגקייט ווערט אַלע מאָל דריקענדער. די ארבייטער־בעוועגונג ווערט אַלץ שטאַרקער. די געזעלשאַפטליכע מיינונג צו גונ־סטען די ארבייטסלאָזע קריסטאַליזירט זיך שנעל.

אין 1911 פאַרנעהמט זיך די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר ארבייטער געזעצגעבונג צום ערשטען מאָל אויף אַן ערנסטען אופן מיט „דער ארבייטסלאָזיגקייט פּראָבלעם אין אַמעריקא". אין 1912 גרינדעט דיזעלבע געזעלשאַפט די אַמעריקאַנער אבטיילונג פון דער „אינטערנאַציאָ־נאַלער ארבייטסלאָזיגקייט געזעלשאַפט". די אבטיילונג שטעלט זיך אַלס ציעל : „צו פער־אייניגען די אַלע פּראָבען, וואָס ווערען געמאַכט אין אַמעריקא אויף צו בעקעמפּפען ארבייטס־לאָזיגקייט און איהרע פּאָלגען, צו אָרגאַניזירען פאָרשונגען, זאַמלען און פערעפענטליכען אינ־פאָרמאַציאָנען, און צו נעהמען אויף זיך די איני־ציאַטיוו אין דער אויסארבייטונג פון בעסערע געזעצען און אָרדנונגען".

די געזעלשאַפט שטעלט זיך אַלזאָ גאַנץ ברייטע אויפגאַבען. זי האָט אויך אַ נאַציאָנאַ־לען כאַראַקטער און פערשפּרייט איהר טעטיגקייט איבערן גאַנצען לאַנד. אין איהר בעטייליגען זיך די סאַמע פערשיעדענע עלעמענטען — פון קאָנסערוואַטיווע ליבעראַלען ביז ערנסטע ראַ־דיקאַלען און אויך מענשען מיט אַ דייטליך אויס־געשפּראָכענער ארבייטער אידעאָלאָגיע — אקאַ־דעמיקער, פּאָליטיקער און רעגיערונגס־פּאַר־שטעהער. די געזעלשאַפט איז נאָך יונג. זי האָט נאָך ניט קיין קלאָר־אויסגעארבייטען פּראָגראַם. אַלענפאַלס איז זי אַ צייכען פון דער צייט — אַ בעדייטענדער און אַ פּיעל פערשפּרע־כענדער צייכען — און פערדיענט די סימפּאַטיע און די אקטיווע הילף פון אַלע ערנסטע ארבייטער פריינד.

די געשעהעניסען פון לעצטען ווינטער האָ־בען פיעל מיטגעבראַכט, די געזעלשאַפט זאָל זיך פעראינטערעסירען מיט דעם ארבייטסלאָזיגקייט פּראָבלעם. די ארבייטסלאָזיגקייט איז געוועזען אויסערגעוועהנליך גרויס. אין אָנהויב פעברואַר האָט דער סופּעראינטענדענט פון דער אַלטער, קאָנסערוואַטיווער ניו־יאָרקער „געזעלשאַפט אויף אויסצובעסערען די לאַגע פון די אָרעמע" גע־מאַכט אַן עפענטליכען סטייטמענט, אז „אין יע־דען ליעבען טאָג פון דיזען ווינטער זיינען אין ניו־יאָרק געוועזען אָם וועניגסטען 325.000 אר־בייטסלאָזע". די לאַגע איז ניט געווען בעסער אין די איבריגע גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען פון לאַנד. די געזעלשאַפטליכע מיינונג איז גע־ווען אויסערסט אויפגערעגט. די פראַגע איז גע־שטעלט געוואָרען אויף דער טאַגעסאָרדנונג און ענדע פעברואַר קומט זיך צונויף די ערשטע אַמע־ריקאַנער נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ צו בעטראַכטען די לאַגע און צו זוכען עצות געגען ארבייטס־לאָזיגקייט.

בעגריסענדיג די דעלעגאַטען פון דיזער קאָנפערענץ אין נאָמען פון דער שטאָדט ניו־יאָרק, ערקלעהרט מעיאָר מיטשעל פּייערליך, אז „אַלעס, וואָס די שטאָדטישע רעגיערונג קאָן גע־זעצליך טהון אין די גרעניצען פון איהרע געהע־ריגע פונקציעס, וועט די שטאָדטישע רעגיערונג טהון, אום צו פערלייכטערן די יעצטיגע דרי־קענדע לאַגע, און אום צו פערמיידען איהר ווי־דערהאָלונג אין דער צוקונפט."

דער מעיאָר האָט ווי עס זעהט אויס גע־גלויבט, אז די שאַרפע ארבייטסלאָזיגקייט איז נור אַ צייטווייליגע אונאָרמאַלע ערשיינונג. צום בעדויערען טיילט נאָך אַ גרויסער טייל פון דער געזעלשאַפט דיזען גרונדלאָזען גלויבען, און דאָס האָט אַזאַ שעדליכע ווירקונג אויף דער געזעל־שאַפטליכער אקטיוויטעט בנוגע צו ארבייטסלאָ־זיגקייט. דורך די בעריכטען פון די דעלעגאַטען און די דיסקוסיאָנען האָט די קאָנפערענץ פּיעל מיטגעהאָלפען אויפצוקלעהרען דעם עולם וועגען די אמת'ע לאַגע.

און דאָס ארבייטסלאָזיגקייט־פּראָבלעם איז ענדליך אוועקגעשטעלט געוואָרען אין זיין גאַנ־צער גרויס פאַר דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. דעם 7טען אַפּריל נעהמט ענדליך אָן אונזער מעטראָפּאָליטען סטייט אַ געזעץ וועגען אר־בייטס־אַנווייזונג־ביוראָ, דעם 28טען אַפּריל פיהרט דער באָאַרד אָוו אַלדערמאַן דורך אַזאַ געזעץ פאַר דער שטאָדט ניו־יאָרק, און מיט איין טאָג שפּעטער ווערט אַריינגעטראַגען אין הויז אָוו רעפּרעזענטייטיווס אַ געזעצפּראָיעקט וועגען פעדעראַלע ארבייטס־אַנווייזונג. אזוי האָט דאָס ארבייטסלאָזיגקייט־פּראָבלעם דורכ־געמאַכט פערשיעדענע שטופען : מען האָט זיך פערהאַלטען גלייכגילטיג און אפילו אנטיפּאַטיש. דאַן קומט אַ קורצע פּעריאָדע פון ריין אקאַדע־מישע בעטראַכטונגען און פּלאַטאָנישע ווינשע, און איצט איז זי געוואָרען אַ ברענענדע פראַגע פון פּראַקטישער פּאָליטיק, צו וועלכער די אר־בייטער מוזען אָננעהמען אַ קלאָהרע, פעסטע שטעלונג. אָבער איידער מיר וועלען קאָנען בע־האַנדלען דיזע פראַגע, מוזען מיר צוערשט וואַרפען אַ בליק אויף דער גרויס און די אורזאַ־כען פון אונזער ארבייטסלאָזיגקייט. וועגען דעם אין אַ צווייטען ארטיקעל.

דוד אײנהאָרן

משיח

פון די אַלטע אידישע לעגענדען

(פריי בעאַרבייט נאָך'ן מדרש)

ס'איז אויף אַלע זיעבען הימלען
שטיל און רוהיג. אַלע וואַרטען.
קיינער לויבט נישט, קיינער זינגט נישט,
קיינער ריהרט נישט מיט קיין פליגעל ;
ערגעץ וואו נאָר רעגט אַ ברעם זיך
פון אַ גוטען כרוב אַ צאַרטען,
און אַ פערעל פאַלט מעלאַדיש
אויפ'ן בלאָהען שטיין דעם האַרטען.
ערענסט זיינען די מלאכים,
קוים בעוועגליך שטעהען שרפים
און ביים כסא רוהט דער בורא,
איינגעהילט אין וואָלקענס טרויער :
גראָה פון דאגה, שוואַרץ פון מורא
וויקלען זיי איהם איין אינגאַנצען,
נאָר זיין קאָפּ פארשטעלט אַ שלייער
פון דעם עתיד לבא'עס גלאַנצען.
און פון ווייטען קומען שאַלען,
גלייך ווי שלעסער וואָלטען פאַלען,
גלייך ווי טהירען וואָלטען פּראַלען,
גלייך ווי קייטען וואָלטען קלינגען
מיט די שווערע אייזען רינגען ;
און וואָס נעהנטער זיי דערגרייכען,
ווערט אַלץ העלער גאָטס פארהילונג,
גלייך די קלאַנגען וואָלטען ווייכען
זייער צער און זייער מורא.
אטאַ קומען טריט שוין שווערע
אין אַ גלאַנץ פון צער און עהרע,
איינגעשמיעדט אין טויזענד קייטען,
שטעהט משיח פאַר'ן בורא.

שטיל, די וועלט איז אין ערוואַרטונג :
ווער וועט פריהער נעהמען ריידען,
וועמען האָט דער מענשהייטס ליידען
שטאַרקער אָנגעריהרט פון ביידען ?
צי ביי דעם, וואָס שטעהט אין קייטען
פול מיט וואונדען פאַר זיין הערצען,
צי ביי דעם, וואָס טראָגט אַלמעכטיג
פון דער וועלט דעם צער דעם שווערען ?

פלוצלינג האָט זיך דורך די וואָלקענס
גאָטס מעלאָדיע דורכגעריסען,
און מיט פאַטערליכע טענער
לאַנגזאַם, שטיל געגומען פליסען :
— זוהן געליעבטער, שווער בעטריבטער,
ביזטו גרייט דעם יאָך צו טראגען
פאַר די זינד פון דיינע ברידער ?
גאַנצע דורות זיך צו פלאָגען ?
שווער וועט דיר דער אייזען דריקען,
מאַכען דונקעל זון און בליקען ;
יעדער חטא פון דיינע ברידער
וועט פערוואונדען דיינע גליעדער.

בלאָס געוואָרען איז משיח.
נאַס געוואָרען איז זיין שטערען,
און פון זיינע לייבען אויגען
זיינען שטיל געפאַלען טרעהרען.
— טאַטע גרויסער, זאָג מיר אפשר
זיינען אייביג מיינע ליידען,
און איך וועל שוין קיינמאָל, קיינמאָל
זיך מיט זיי נישט קענען שיידען ?
— זוהן געליעבטער, זוהן געטרייער,
אויב עס שרעקען דיך די צייטען,
דאַן וועל איך די ברידער דיינע
אנשטאַט דיר, מיין זוהן, פאַרבייטען.
— ניין ! געענטפערט האָט משיח.
— ניין ! מיין פאַטער, האַר פון וועלטען,
— מיט די טיעפסטע, העכסטע פריידען
בין איך גרייט אויף זיך צו נעהמען
אַלע, אַלע שווערע ליידען,
נאָר בתנאי עס זאָל קיין איינער
פון די מענשען זיין פאַרדאָרבען :
נישט נאָר די, וואָס לעבען, זאָלען
זיין געהאָלפען פון מיין קרבן,
אויך די טויטע זאָלסטו העלפען,
די, וואָס זיינען לאַנג געשטאָרבען :
אַלע טויטע זאָלען אויפשטעהן,
ביז דעם ערשטען, ערשטען מענשען.
אויך די קליינע מפיל־קינדער
זאָלסטו מיט'ן לעבען בענשען ;
אויך די אַלע, וועלכע זיינען
אין מחשבה דיר געקומען
צום בעשאַפען, און זיי זיינען
נישט געשאַפענע צושוואומען.

שטיל געבליעבען איז משיח
און אין צער פאַר גאָט געפאַלען . . .
פלוצלינג האָט זיין קאָפּ בעשימערט,
ווי די זון, אַ ים פון שטראַהלען ;
אויפגעשיינט האָבען די וואָלקענס
אין דעם גלאַנץ פון רעגענבויגען,
און אַ ניגון פון דער גאולה
האָט זיך שטיל פון דאָרט געצויגען.

א. ליעסין

קאַטאָליציזם אין אמעריקא און אין אייראָפּא

(וועגען קאַטאָלישען באיקאָט)

II.

ווי מיר האָבען שוין בעמערקט אין פאָריגען ארטיקעל*), איז פאַראַן, אויסער די דריי מיליאָן קאטוילישע שטימען, נאָך אַ טיעפערע אורזאכע, פארוואָס דער קאטאליציזם איז אַזוי שטאַרק אין אַמעריקא, פאַר וואָס די הערשענדע קלאסען און זייערע דיענער, די פּאָליטישענס און די צייטונגס־ארויסגעבער, זיינען אַזוי פריינדליך געגייגט צו דער קירכע פון פּאַפּסט. דאָס איז די האָפענונג, אַז דער קאטאליציזם וועט זיי פיעל אַרויסהעלפען אין זייער קאמפף געגען די ערוואכטע אַרבייטער מאסען.

די הויך־געשטעלטע קאטוילישע גלחים האָבען פיעל מאָל און פייערליך ערקלערט, אַז די צוקונפט פון דער קאטוילישער קירכע ליעגט אין די פעראייניגטע שטאַאטען. די פּאָליטישענס און די צייטונגס־אַרויסגעבער געהען אָבער אַוועק פיעל ווייטער. נאָך זייערע רייד און תהלות און תשבחות צום קאטאליציזם קומט אויס אָפּטמאָל, אַז די צוקונפט פון די פעראייניגטע שטאַאטען ליעגט גאָר אין דער קאטוילישער קירכע.

און מיר מוזען צוגעבען, אַז ניט בלויז די חניפה צו דער קאטוילישער מאַכט רעדט דאָ אין זיי, אַז אין זייערע רייד פיהלט זיך טאַקע עטוואָס טיעפערעס, אויפריכטיגעס.

עס איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען די גרויסע מאַסען ניט־קאטוילישע קריסטען האָבען געקוקט אויף דער קאטוילישער קירכע, ווי אויף דער קירכע פון שטן, און אויפ'ן פּאַפּסט, ווי אויף דעם אנטי־קריסט. עס איז געווען, ווידער אַמאָל אַ צייט, ווען די הערשענדע קלאסען זיינען פול געוועזן מיט פריידיניגע, וועלכע האָבען פערשפּאָטעט דעם גאַנצען קריסטענטהום, דעם קאטוילישען, אַזוי ווי דעם פּראָטעסטאַנטישען. יענע צייטען זיינען שוין פאַראיבער.

די שנאה צווישען קאטאָליקען און ניט־קאטאָליקען ווערט אַלץ קלענער, וואָס גרעסער עס ווערט די גלייכגילטיגקייט פון פאָלק צום קריסטענטהום אין אַלגעמיין. די גלחים פון פערשיעדענע גלויבענס זיינען גרייט צו פעראייניגען זיך אין אַלגעמיינעם קאמפף געגען דער גלויבענסלאָזיגקייט פון די פאָלקס־מאַסען. און די פריידיניגע צווישען די הערשענדע קלאסען זיינען שוין אויך ניט דאָס, וואָס אַמאָל. עס איז ניטאָ שוין זייער אַמאָליגער פייער. זיי בעטראכטען זייער פריידענקען פאַר א לוקסוס־זאַך, וואָס זיי אַליין נור קענען זיך פערגינען — זיי אַליין, אָבער ניט דאָס פאָלק.

דאָס איז דאָס פאָלק, וואָס ערוואכט, וואָס וויל שוין מעהר פון קיינע קלאסען ניט בעהערשט זיין, וואָס פאָדערט פאַר זיך אַ גלייכען חלק אויפ'ן מאַלצייט פון לעבען. און די פריידיניגע צווישען די הערשענדע קלאסען זיינען בעריט אויפצואָפּפערן מיט זייער פריידענקען, אַבי נור זייער קלאסען־הערשאַפט אויפצוהאַלטען. וואָלטער האָט אַמאָל געזאָגט: אויב עס וואָלט ניט געווען קיין גאָט, דאַן וואָלטען מיר איהם מוזען אויסטראכטען. דער פריידיניגער בורזשואַ וויל זיך אָבער מיט אַ גאָט אַליין ניט בענוגענען. ער זאָגט, אַז פאַר'ן פאָלק מוז מען האָבען אַ מעהר ממשות'דיגע זאַך, אַז מען מוז פאַר איהם האָבען אויך אַ קירכע — אויך אַ צלם צו פערבלענדען איהם און ווייראַך צו פעררויכערן איהם און קירכען־גלעקער צו פערטומלען איהם.

און אַזאַ קירכע איז דאָ; מען דאַרף עס ניט אויסטראכטען. דאָס איז די מעכטיגע אָרגאַניזירטע, קונציג איינגעאָרדענטע קאטוילישע קירכע — מיט איהר בעטויבענדען ווייראַך, מיט איהרע פערדולענדע גלעקער, מיט איהרע פערבלענדענדע צלמים־פּראָצעסיאָנען, מיט איהר גאַנצען פאַרבען־רייכען שימעל פון דעם אַלטערטהום.

* * *

און די קאטוילישע קירכע פערשטעהט פאָלקאָם איהר אויפגאַבע, און זי שטאָלצירט דערמיט, און זי פלייסט זיך דערמיט אין די אויגען פון אַלע צופריעדענע און רייכע און מאַכט־האָבענדע אין לאַנד.

די קאטוילישע קירכע איז שטאָלץ מיט די לעגיאָנען איירישע אַרבייטער, וואָס שטעהען הינטער איהר. נאָך מעהר ערוואַרט מען פון איהר אין דער צוקונפט. די אַרבייטער־אימיגראַציאָן פון די לעצטע צייטען, אורטהיילענדיג נאָך די נאַציאָנאַליטעטען, איז גרעסטענטהיילס קאטוליש. אַנשטאַט די קאטוילישע אירלענדער און זיד־דייטשען, קומען איצט נאָך אין גרעסערע צאָהלען די קאטוילישע איטאַליענער, אונגאַרן, פּאָליאַקען און אַנדערע קאטוילישע סלאַווען. און קיין קירכע איז ניט אַזוי פעהיג, איז ניט אַזוי צוגעפּאַסט צו האַלטען אונטער איהר איינפלוס די איינגעוואנדערטע פאָלקס־

*) אין דזשולי נומער „צוקונפט“.

מאַסען, ווי די קאטוילישע קירכע. אין דיעזער פעהיגקייט, אין דיעזער צופּאסונג ליעגט עס דער סוד פון דעם גרויסען רעספּעקט, וואָס זי געווינט אַלץ מעהר אפילו צווישען יענע געלטמאַגנאַטען, וואָס בעלאַנגען נאָך אפיציעל צו אַנדערע קירכען.

די קאַטוילישע קירכע האַלט זיך אין איין רעקלאמירען, אז זי איז די הויפּט בעשיצערין פון פּריוואט־אייגענטהום, פון געזעצליכקייט און אָרדנונג. זי זוכט מיט אַלערליי מיטלען אויפצוהאַלטען אונטער איהר שוואַרצע פליגעל די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר. און אין יעדער דרשה, אין יעדער רעדע, אין יעדער אינטערוויו, וואָס די פּרינצען פון דער קירכע פּערעפּענטליכען פאר'ן פּובליקום, פּערפּעהלען זיי קיין מאָל ניט אָנצופאלען אויפ'ן סאָציאַליזם. די קאָזאקען פון דעם פּאַפּסט פיהרען אָן איבער'ן גאנצען לאַנד אַ ביטערען קאמפּף געגען דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צו דער זעלבער צייט גיבען זיי זיך אָן אויף אַן עכטיעזואיטישען אופן אלס פּרייהייטסליעבענדע אמעריקאַנער, פאר וועלכע די רעפּובליק איז טהייער און הייליג. און די ערוועהלטע בעאַמטע פון דער רעפּובליק ערהויבען זיי צו דעם טשין פון גאָטס־פּריסטער, וואָס הערשען איבער אונז מיט'ן געטליכען אויטאָריטעט.

דאָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פּאַר'ן אַמעריקאַנער קאטאָליציזם. אין אַן אַנדער פלאַץ און אונטער אַנדערע אומשטענדען וואָלט מען עס בעטראַכט אין דער קאטוילישער וועלט אַלס אַ שטיק אַפּיקורסות. די קאטוילישע קירכע האָט אימער צונויפגעבונדען דעם געטליכען אויטאָריטעט מיט דער גאָט־געזאַלבטער טיראַניי, אָבער ניט מיט'ן פּרייען ווילען פון אַ פרייען פּאָלק. אין דיעזען זינן האָבען זיך אויסגעשפּראָכען פיעל מאָל אויך די לעצטע פּאַפּסטען. און אין דיעזען זינן פיהרט נאָך אויך איצט איהר פּאָליטיק די קירכע אין אייראָפּאַ; זי קעמפּפט דאָרט עד היום געגען די פּרייהייטס־אינסטיטוציאָנען און זוכט אומצודרעהען די ראָד פון דער געשיכטע און איינפיהרען צוריק די אַלטע פּאָליטישע טיראַניי.

און אָט דערמיט ערקלערט זיך, וואַרום איז דער קאטאָליציזם אין אייראָפּאַ אַזוי שטאַרק געפּאַלען, בעת גראַדע אין דער פּרייער אַמעריקאַ בעקומט ער אַלץ מעהר מאַכט און איינפלוס.

פון אויבען אויף איז עס ווירקליך אַ גרויסער חידוש. שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, צום ביישפּיעל, וואו די גרעסטע העלפט פון דער בעפעלקערונג קען ניט אונטערשרייבען אפילו דעם נאָמען, זיינען זיכער ניט פּאָרטגעשריטענער, איידער די פּעראייניגטע שטאַאַטען. און פונדעסטוועגען קריגט דאָרט דער קאטאָליציזם קלעפּ איינע פון די אנדערע געפעהרליכער. און אפילו איטאַליען און אפילו פראַנקרייך זיינען אויך ניט פּאָרטגעשריטענער איידער די פעראייניגטע שטאַאַטען. און פונדעסטוועגען שלאָגט הויך די אנטי־קאטוילישע כוואַליע סיי אין פראַנקרייך און סיי אין איטאַליען. און גראַדע ביי אונז, אין דער פּרייער, הויך־ציוויליזירטער אמעריקאַ, ווערט דער קאטאָליציזם אַלץ חשוב'ער, אַלץ אָנגענומענער.

עס איז אימער געווען די היסטאָרישע ראָלע פון דער קאטוילישער קירכע צו שטעהן מיט די הערשענדע קלאַסען און צו קעמפּפען זייער קאמפּף ביז'ן סוף. אויסגעזעהן האָט עס אָפט, אַז זי, די קירכע, איז זייער בעל הבית. אין דער אמת'ן אָבער איז זי אימער געווען זייער געצייג, זייער בעסטע וואַפע אין קאמפּף מיט די ניי־ערוואַכטע געזעלשאַפטליכע כוחות. דאָס האָבען מיר געזעהן אין די פּערשיעדענסטע לענדער און אין די פּערשיעדענסטע עפּאָכען. דער קאטאָליציזם האָט אימער געשטעלט זיך און האַרטנעקיג געקעמפּפט געגען אַלע גרויסע אומענדערונגען אין דער געזעלשאַפט. ער האָט אימער אַזוי לאַנג געקעמפּפט, ביז וואַנען נור דער קאמפּף איז געוואָרען אבסאָלוט האָפנונגסלאָז און ער האָט געמוזט זיך צופּאַסען צו די נייע אומשטענדען. און דאָס זעהען מיר איצט אויך אין אייראָפּאַ.

אין איטאַליען און פראַנקרייך, צום ביישפּיעל, האָט נאָך דער קאטאָליציזם אַ פּריצים־קלאַס פּאַר וועמען צו קעמפּפען. עס לעבען נאָך דאָרט און געדייהען אַלערליי פּאָליטישע איבערבלייבענישען פון די אַלטע צייטען. און די קאטוילישע קירכע איז זייער בעגייסטערענדע קראַפּט. זי איז דאָרט ניט בלויז אַ רעליגיאָן, נור אויך אַ קעמפּפענדע פּאָליטישע אינסטיטוציאָן. און דארום איז זי דאָרט אַ גרויסע שטערונג פּאַר דער בורזשואַזיע, און זי ווערט פון דער בורזשואַזיע שטאַרק בעקעמפּפט. פיעלע פראַנצויזישע רעפּובליקאַנער וואָלטען טאַקע געוואָלט, אז די פּאָלקס־מאַסען זאָלען בעסער געהן אין קירכע, איידער אויף סאָציאַליסטישע פערזאַמלונגען. די קירכע סטראַשעט אָבער דאָרט דער רעפּובליק. דאָס זעלבע איז אויך אין איטאַליען, וואו די קירכע סטראַשעט אַלע נייע איינפיהרונגען פון דער בורזשואַזיע. און נאָך שטאַרקער פיהלט מען עס אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל — אין די צוויי אומגליקליכע לענדער, וועלכע די קירכע האָט אַזוי לאַנג געהאַלטען איבערגעוואַלד אין די נעגעל פון דער אונפעהיגסטער און קאָרופּטעסטער אריסטאָקראַטיע אין דער וועלט.

אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען זיינען אָבער ניטאָ די אַלע פּאָליטישע איבערבלייבענישען פון די אַלטע צייטען. די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איז דאָ פון דיעזער זייט געזיכערט. פאַר דער קאטוילישער קירכע אַלס אַ פּאָליטיש־ווידערשפּעניגע אינסטיטוציאָן האָט מען דאָ קיין מורא ניט. און דערצו איז

זי גראַד אַזוי נויטיג אַלס אַ רעליגיאָן, וואָס האָט אימער געוואוסט ווי צו בעאיינפלוסען די פאָלקס־מאַסען; מען דאַרף זי אַזוי נויטיג אין קאַמפף געגען די ערוואַכטע אַרבייטער, וואָס ווילען שוין מעהר פון דעם געלט־זאַק ניט בעהערשט זיין. און די קאַטוילישע קירכע ווערט דאָ דאַרום אַלס איינפלוסרייכער, אַלץ געהויבענער.

און דאָס שטימט דורכאויס מיט איהרע פריהעריגע ערפאַהרונגען. גראַדע אין לעצטען יאָהרהונדערט, ווען דער פּאַפּסט האָט פערלאָרען שטיקער נאָך שטיקער פון זיין וועלטליכער מאַכט, איז אַלץ מעהר געוואַקסען זיין איינפלוס. און וואו זיינע וועלטליכע אויסזיכטען זיינען איצט דורכאויס האָפנונגסלאָז — דאָרט גראַדע וואַקסט און עס ווערט אַלץ מעכטיגער זיין גייסטיגער אויטאָריטעט.

די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע וועיזט מיט זיך אַ ביישפּיעל, וואָס מען קען ערוואַרטען פון דער בורזשואַזיע אויך אין די לענדער, וואו זי פיהרט נאָך איצט אַ קאַמפף געגען דער קאַטוילישער קירכע — וואָס מען קען דאָרט ערוואַרטען בעת דער קאַמפף וועט זיך ענדיגען זיעגרייך פאַר דער בורזשואַזיע און די קירכע וועט שוין לחלוטין אָפּגעג׳גט ווערען פון שטאַאַט און וועט אויפהערען צו סטראַשען דער בורזשואַזער הערשאַפט. דאַן וועט מען שוין אויך דאָרט נעהמען זוכען אין דער שוואַרצער אינטערנאַציאָנאַלע הילף און רעטונג געגען דער געפאַהר פון דער רויטער אינטערנאַציאָנאַלע.

די געשיכטע ווידערהאָלט זיך. אין צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט האָט מען צווישען די הערשענדע קלאַסען פון אייראָפּאַ שטאַרק קאָקעטירט מיט׳ן פרייזינן. אפילו פּרינצען און מאָנאַרכען האָבען זיך דערמיט אָפּגעגעבען. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט אָבער זיי אַלעמען אויסגעטשוכעט. עס איז ווידער אַריין אין מאָדע די אַלטע קריסטליכע אויגען־גלאָצעניש. און מעהר פון אַלע קירכען האָט דערפון געוואונען די בעסער־אָרגאַניזירטע קאַטוילישע קירכע. דאָס זעלבע האָט זיך אין אייראָפּאַ ווידערהאָלט אין די צייטען פון די רעוואָלוציאָנען פון 1848. און דאָס זעלבע ווידערהאָלט זיך איצט אין אַמעריקאַ, ווען דער וואונדערליכער פאָרטשריט פון דער אַרבייטער־בעוועגונג זעצט אַריין אַזוי פיעל שרעק אין די הערצער פון די הערשענדע קלאַסען.

* * *

ווי מיר זעהן, לייגט מען אין די איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער קרייזען גרויסע האָפנונגען אויף דער קאַטוילישער קירכע. און איי־דער־וואָס־ווען, פאָדערט זי שוין איהר בעלוינונג; זי פאָדערט אין אַמעריקאַ איהר בעלוינונג ביי די בורזשואַזע הערשער, אַזוי ווי זי פלעגט עס אַמאָל פאָדערן ביי די אייראָפּעאישע פּעאָדאַלען. פיעלעס האָט זי שוין דאָ אויסגעפיהרט. זי האָט שוין אויך ניט איין מאָל בענוצט דעם באָיקאָט אַלס אַ וואַפע געגען קלענערע און גרעסערע פּאָליטישענס און אימער מיט ערפאָלג. איצט דיקטירט זי איהר ווילען צו דעם פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, אַז ער זאָל ניט צולאָזען צו דער סאַן פראַנציסקער אויסשטעלונג ערנעסטאָ נאַטאַן אַלס רעפּרעזענטעטיוו פון איטאַליען. אַנדערש סטראַשעט זי דורכצוואַרפען די גאַנצע וועלט־אויסשטעלונג. צו וועט זי איצט אויך אויספיהרען — דאָס בלייבט נאָך איבער צו זעהן. יעדענפאַלס, דאָס אַליין נור, וואָס זי ערוואַגט זיך צו שטעלען אַזאַ פאָדערונג, וועיזט שוין אויך, ווי גרויס איז דאָ איהר מאַכט. אַזוי פרעך, אַזוי ווילד זיינען נאָך די אַמעריקאַנער קאַטאָליקען ביז איצט אין זייערע פאָדערונגען ניט געוועזען.

היינע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די יעזואיטען, אַזוי ווי די שדים, עקזיסטירען נור אַזוי לאַנג, כל זמן די מענשען גלויבען נאָך, אַז זיי עקזיסטירען. די אַלטע יעזואיטען ליגען שוין אין גרוב צוזאַמען מיט זייערע אינטריגעס און זייער גיפט און זייער אַמביציאָן צו בעהערשען די וועלט. די יעזואיטישע געפאַהר איז שוין לאַנג פאַראיבער, און בלויז אַ פּוסטע מורא פערפאָלגט אונז נאָך. אַזוי געהען אָפטמאָל מענשען מיט אַן אויפגעהויבענעם שירם לאַנג שוין נאָך דעם ווי דער רעגען האָט אויפגעהערט.

און עס איז זאָנדערבאַר, אַז מיט דריי פיערטעל יאָהרהונדערט שפּעטער און גראַדע אין דער גרויסער הויך־ציוויליזירטער רעפּובליק פון דער נייער וועלט האָבען די יעזואיטען ווידער אויפגעלעבט, די ריכטיגע אַלטע יעזואיטען, צוזאַמען מיט זייערע אינטריגעס און זייער אַמביציאָן צו בעהערשען די וועלט.

לאָמיר אָבער האָפען, אַז דאָס איז ניט אויף לאַנג. די מיטעל־אַלטערליכע געשפּענסטער, וואָס מען רופט אַרויס אַזוי זאָנדערבאַר צום לעבען, וועלען דאָ אודאי ניט העלפען. די יעזואיטען וועלען ניט קענען רעטען די בורזשואַזע געזעלשאַפט, אַזוי ווי זיי האָבען ניט געקענט רעטען די פעאָדאַלע געזעלשאַפט. דער ערוואַכטער אַרבייטער־קלאַס וועט ענדליך דורכלופטערן די אַלטע מענשהייט און עס וועט סוף כל סוף קיין שפּור ניט בלייבען פון די מאָל און שטויב און שימעל פון די אַלטע פינסטערע צייטען.

משה סטאַווסקי

טשודע־גנב

(ערצעהלונג אין זעקס קאַפּיטלען)

ערשטער קאַפּיטעל.

א צייט לאַנג האָט זיך עס אַזוי געצויגן. יעדע נאַכט זיינען פערשוואונדען געוואָרען אייער פון די גנזעסען, וואָס די היהנער האָבען געהאַט ביי אונז אין מיהל. אין אָנהויב האָט מען זיך נישט געמאַכט דערפון, נאָר אַז עס האָט זיך ווייטער אַזוי פאָרטגעזעצט, איז די מאַמע איינמאָל אין דער פריה אַריינגעקומען אין שטוב, נאָך דעם ווי זי האָט צוזאַמען געקליבען די אייער פון די גנזעסען, און האָט געזאָגט:

— קינדער, ביי אונז איז דאָ אַ גנב. מ'דאַרף עס צוקוקען.

„מ'דאַרף עס צוקוקען“. — קיינעם פון אונז האָט זיך ניט געעפענט דאָס מויל צו זאָגען עפּעס דערגעגען. גנבים האָט מען פיינד, און אַ גנב וואָס גנב'ט ביי אונז האָט מען צוויי מאָל פיינד . . . און די זאַך איז געוואָרען טשיקאַווע.

אַ שטיקעל הקדמה:

ביי אונז אין מיהל האָבען זיך שטענדיג אויפגעהאַלטען עטליכע צעהנדליג היהנער. אַ ריכטיגע צאָהל האָט מען קיין מאָל ניט געוואוסט, ווייל זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פריי און גענעכטיגט וואו זיי האָבען געוואָלט. אָפט זיינען זיי צוגעקומען. עס פלעגען זיך צושלאָגען פרעמדע הינער און בלייבען אין מיהל, ווייל אַזוי פיעל צום עסען האָבען זיי ניט געהאַט אין דער גאַנצער שטאָדט. נאָר מעהרסטענס האָט געפעהלט. עטליכע האָט מען איבער ווינטער געקוילעט, — אַ הון, אַז זי הערט אויף זיך צו לייגען ווערט פעט, קוים וואָס זי געהט אַרום. ווי קוילעט מען זי ניט? . . . זי בעט זיך דאָך מ'זאָל איהר קוילען . . .

אַנדערע האָבען געמאַכט אַ שלעכטען טראַט, זיך פאַרצעפּעט אין אַ פּאַס, אַרונטער אונטער אַ ראָד און גע'הרג'עט געוואָרען. און אַנדערע זיינען גלאַט פערשוואונדען. דאָס איז שוין אַ נאַכט סוד פון אַלע מיהלען און פאַבריקען און גאָר זעלטען גיט זיך עס איין צו ענטדעקען . . . אַזוי אַז ביז נאָך פּסח דערגרייכט זייער צאָהל אַזאַ מאָס, וואָס עס לאָזט זיך שוין צעהלען און דערקענען. ביז עס קומט אָן אַ יונגער דור, אייגענע און געקויפטע, וואָס די מאַמע קויפט אָן אויף'ן גרויסען „דיסאַטיבע־יריד“ וויפיעל עס געפינט זיך נאָר אויף'ן מאַרק.

דאָס, וואָס איך האָב אָנגעהויבען דערציילען, איז פאָרגעקומען אין מיטען ווינטער. אַלע היהנער זיינען אַרומגעגאַנגען מיט שוואַרץ־אָבגעברענטע קעמלאַך און ניט געלאָזען זיך אַריינגעהמען אין דער וואַרעם. געלייגט האָט מען זיך ווייניג. פרעגט יעדער בעל־הבית'טע וועט זיך אייך זאָגען, אַז ווי עס פאַלט אַרויס דער ערשטער שנעע, ווערען אייער טייער . . . די, וואָס האָבען זיך געלייגט, האָבען אָפּגעזוכט לעבער און בעהאַלטענע קאָנטען עס זאָל זיין וואַרימער, און אפשר האָבען זיי געמיינט אויסצובעהאַלטען זיך פון מענשען און נאָך דערלעבען אַ שטיקעל נחת כאָטש אין מיטען ווינטער . . .

ווער עס קען דאָס הינער פאָלק, וויים וואָס פאַר אַ מאַדנע אָפּטימיסטיש פאָלק דאָס איז. אַז עס דאַרף אָנהויבען לייגען, ווערט מען נאָך מיט אַ צייט פריהער אויפגעראַמט, מ'זינגט ליעדער מיט ליוב געזאַנגען דעם קומענדען דור, וואָס מ'קלייבט זיך ברענגען אויף דער וועלט, און מ'זוכט אויף ערטער, וואָס מעהר בעהאַלטען, וואָס מעהר פערבאָרגען, — דאָס פאַמיליע גליק איז אין דעם אינטימען . . . נאָר דאָך קען עס זיך ניט איינהאַלטען, ניט אַרויסצוגעהן יעדען טאָג מיט אַ הילכיגען פריידענס־רוף: קאָ־קאָ! קאָ־קאָ־אָ־אָ! . . . וועלט און אַלע בעשעפּעניששען פון דער וועלט: זייט וויסען, אַז איך האָב געבראַכט אַן איי, און עס איז אויך דאָ אַ האָפנונג אויף מאָרגען . . . עס איז זיכער, אַז דאָס איז דאָס אינטערעסאַנטעסטע וואָס עס האָט דעם טאָג געקענט פאָרקומען.

נעסטען מאַכט מען בעזונדער, צוויי גליקען קענען צוזאַמען ניט הויזען . . . אויסער פוילע און קלוגע, וואָס לעגען וואו עס מאַכט זיך. האָט איינע אויסגעבויט איין נעסט קומען זיי און לעגען צו זייער'ס אויף.

פוילע — גאָר פּשוט: גרייטס איז בע־

קוועמער, און קלוגע ווייסען פון דער פּראַקטיק. אַז וויפיעל זיי וועלען ניט אָנלייגען וועלען אַלץ מענשען מאַכען פאַר זיך פיינקוכענס אין אייער און שמיאַטקע און זיי וועלען גאָר ניט דערלעבען . . .

פעסעמיזים איז אפילו ניט קיין געוואונשענע ערשיינונג, בפרט ביי דעם הינער פאָלק וואָס קען אין דער לעצטער מינוט, ווען דער שוחט האַלט דעם חלף איבער'ן האַלז, זיך צושרייען אין אַ קוקוריק ! . . . און וואַרפען אַ חנ'דעל אַ פערבייגעהענדער הון . . . נאָר פון אמת קען מען ניט אָבגעהן אפילו אויף אַ האָר . . .

די גרויסע מאַסע, ווי געזאָגט, גלויבט, גלויבט שטאַרק און זעהט אין דעם קומענדען דור דאָס אבסאָלוטע, און אָט מיט דעם גלויבען לייגט מען אייער יעדען טאָג. מ'נעהמט צו און מ'לייגט ווידער.

געהט אַזוי די מאַמע יעדען אין דער פריה צו נעמען די אייער פון די געזעסען. הינער לעגען זיך אין דער פריה, אַזוי אַז צו ענדע פון ערשטען דריטעל טאָג האָבען זיי זיך שוין אָבגעלייגט . . .

ווען־זשע קומען פאָר די גנבות ? שטעלט זיך ארויס, אַז ביינאַכט. ביי טאָג גנב'ט מען ניט. צופיעל אויגען. נאָר ביינאַכט, — די נאַכט איז די מאַמע פון די גנבים . . .

פרעגט זיך דאָך, וואָס קען מען ביינאַכט גנב'ענען, אויב מ'נעהמט צו יעדען אין דער פריה וואָס עס איז צוגעקומען ?

אויף דעם איז דאָ אַ תרוץ „פּאָקלאַדען“. פּאָקלאַדען זיינען די איינציגע אייער, וואָס געפינען זיך שטענדיג אין די נעסטען. די הון זאָל ווייסען איהר אָרט און ניט פיהלען אַזוי שטאַרק ווי מען בע'גנב'ט איהר . . .

אָט די פּאַקלאַדען האָבען אָנגעהויבען נאַכט אויף נאַכט פערשווינדען, און אַז די הינער געפינען ניט די פּאַקלאַדען אויף זייערע ערטער, בעאונרוהיגט מען זיך און מ'געהט אַרום זוכען אפשר האָט מען פאַרבלאָנזעט ; און אַז עס הויבט אָן שטאַרק נעמען צום לייגען זיך, הויבט מען אָן שרייען קאָ־קאָ, קאָאָ . . . זיינען דאָך הינער אַ פאָלק פון אחדות און אין אַזאַ צייט פיהלט מען מיט איינע די אַנדערע, און אפילו די וואָס האָבען גאָר ניט אין זין זיך צו לייגען העלפען צו און עס ווערט אַ געשריי — כאָטש הימעל עפען זיך.

דערווייל פערלירען אַנדערע דאָס אייארום־געהענדיג, אַנדערע עסען אויף זייערע אייגענע אייער, און אַ הון, וואָס האָט אָנגעהויבען צו עסען איהרע אייער, וועט שוין פון איהר קיין לייט ניט זיין . . .

מ'קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט די ידיעה : „די גנב נעמט צו די פּאַקלאַדען“.

„פּאַקלאַדען“ ! . . . דאָס איז אַ גנב אָהן אַ פונק געוויסען, און דאָס ביי אונז אין מיהל, און נאַכט אויף נאַכט. — — —

און אַז די מאַמע האָט געזאָגט : „קינדער מ'דארף גוט צוקוקען“, „יא מ'דארף עס צוקוקען“ — האָבען מיר געענטפערט אַלע מיט איין מאָל. און יעדער האָט ביי זיך געקלערט : „הערסט דו „טשודע־גנב“, איז מיין נאָמען ניט ווי איך הייס, אויב איך וועל דיר ניט אונטערשטעלען אַ פיסעל“, און מ'איז זיך צוגאַנגען, יעדער פול מיט געדאַנקען דונקעלער ווי די נאַכט און כיטרער פאר'ן טייוועל . . ,

צווייטער קאַפּיטעל.

מיר האָבען זיך גענומען פאַר דער אַרבייט גאָר פלייסיג אין דרייען, איך מיט נאָך צוויי ברידער, אַזוי פער'גנב'ט און פאָרזיכטיג אַז מ'האָט זיך אַליין די טריט ניט געגלויבט.

צוטיילט האָבען מיר זיך צווישען זיך אויף אַזאַ אופן : ביי אונז אין מיהל האָבען געאַרבייט צוועלף מענשען אין צוויי סמענעס ביי טאָג און ביי נאַכט, און אָט אויף דריי פון די צוועלף האָבען מיר אַן אויג געוואָרפען און געבויט אונזערע געפעהרליכע פלענער.

איינער איז געווען אַ גוי פון דאָרף, אַ שגץ פון א יאָהר 30, אַ דארער, אַ הויכער, מיט אַ שיטער בערד'ל און שפּיציג גאָרגעל, אָנגעטהון אין אַ פעלצעל, אַ פּאָר ווייסע שטיוועל, אַ טוכענע היטעל, וואָס האָט אַ מאָהל געהאַט אַ גראַנאַט קאָליר, מיט אַ גלאַנציגען דאשיק, געשאָרען שטאָדטיש אין אַ „פּאַלקע“, און אונטער'ן גאָרגעל אַ גרין שפּיגעלע, וואָס שפּילעט צונויף די העמד. ער פלעגט יעדען פרייטאג נאַכמיטאג געהן אַהיים אַ וויארסט פופצעהן און זיך אומקעהרען זונטאַג פריה מיט אַ צעהן פונטיג ברויט וואָס איז איהם גענוג געווען אויף אַ גאַנצע וואָך.. צום ברויט האָט ער קיין מאָל גאָר ניט געבראַכט, ניט קיין גרויפּען, ניט קיין קאַרטאָפעל, ניט קיין פּעטס. אָט דערפון איז ביי אונז קלאָר געווען ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז ער, נאָר ער, נעהמט צו די אייער . . . צווייטענס, האָט ער גענעכטיגט אין מיהל און האָט געהאַט די בעסטע שאַנסען צו גנב'נען. דריטענס איז דאָס געווען אַ דאָרף פון לויטער גנבים, ניט חלילה פערד'ס גנבים אָדער שלעסער־ברעכער. פערקעהרט, מיט סחורה האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזען אויף זיי, וועט אַ האָר ניט פעהלען, נאָר קלייניגקייטען : אַ פּעקעל שוועבעלעך, אַ שטיקעל „ווייצענס“, אַ מעסער, אַ לעפעל. האָט מען זיך נאָר פארקוקט, איז עס שוין פאַרפאָהרען צו זיי אין „פּאַזיכע“.

חוועדער — אַזוי האָט געהייסען אונזער גוי, — האָט גע'שם'ט פאַר אַן עהרליכען,

און מיר האָבען זיך פאר איהם ניט געהיט. נאָר אזא דארף, — א וואָלף ציהט אין וואלד...

דאָס איז געווען דער ערשטער.

דער צווייטער איז געווען „בעזרוציק“. דעם נאָמען האָט ער געקראָגען ווייל עס האָבען איהם געפעהלט דריי לעצטע פינגער אויף דער לינקער האַנד, וואָס ער האָט אָבגעשטעלט ערגעץ אין א מיהל, ניט ביי אונז. דאָס איז געווען א טאַטענס קינד, מיט א עהרליכע אידינע און אלמנה פאר א מאַמען. נאָר מיט א שלעכטען נאָמען אין שטעדטיל... און די פאָר גנב׳שע אויגען און דאָס היטעלע מיט׳ן גלאַנציגען דאשיק אויף א זייט און די סאראַטענע סטענגעלע איבער׳ן דאשיק, און דאָס הפקרות צום ביסעל אידישקייט, האָט זיין שלעכטען נאָמען בעשטעטיגט . . . איהם איז למשל וועניג געווען וואָס ער גיט א ברעך אָב א שטיק ברויט, א טונק איין אין די ווארעמע אויל, א שטאָפּ אָן בײדע באקען אונגעוואשען, אָהן א אידיש וואָרט, — פלעגט ער נאָך ליעב האָבען צו רייצען זיך מיט ר׳ מאיר׳ן — אַן עלטערער אַרבייטער, א איד מיט דיקע פאות און א בן־תורה. — „ר׳ מאיר, איהר זעהט איך וואַרג זיך ניט“, — פלעגט עס ר׳ מאיר׳ן פארקלעמען ביים הארצען און האָט זיך נאָר געטרייסט דערמיט, וואָס גאָט וואַרט לאַנג און צאָהלט גוט . . .

אָט דאָס איז געווען דער צווייטער.

דער דריטער איז געווען א אינגעל פון א יאָהר פופצעהן, א „געקריינטער“ . . . פון א בעריהמטע געקריינטע משפחה. אלע, דער טאַטע א שוסטער און א שטיק זעקס בנים, האָבען פון גבוירען ביז מ׳האָט גדאַרפט דער זינדיגער נשמה צוריק גאָט אומקעהרען — סיי ווינטער סיי זומער — געטראָגען גרויסע באַראשקאָווע היטלען איבער די אויערען טיעף ביז׳ן קאַרק. אפילו פורים ווען מ׳האָט געשפיעלט די בעריהמטע אחשורוש שפיעל האָט מען די אמת׳ע פאַפירענע קרוינען אָנגעטהון אויף די היטלען . . .

גע׳גנב׳עט האָבען אַלע, און אז מ׳האָט עמיצען געכאַפּט אין גאָרטען אָדער אויף א בוידעם האָט מען ניט געשלאָגען, מ׳האָט נאָר געוואָלט אַראָפּרייסען די היטלען פון קאָפּ . . . פלעגט מען זיך וואַרפען אויף דער ערד, רעווען און קושען די פיס, אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט צו ריהרען די היטעל פון קאָפּ . . .

אָט דאָס איז געווען דער דריטער.

יעדער פון אונז האָט זיך אויסגעקליבען איינעם, און אין א פאָר טאָג ארום האָט זיך יעדער צוזאַמען מיט זיין גנב אַרומגעפּלאָנטעט מיט אזא מאדנעם פלאָנטער, אַז ביי יעדען איז געוואָרען זיין גנב דער אידעאל פון א גנב. וואָס ער האָט ניט געטהון, ווי ער איז ניט געשטאַנען, וואו ער האָט ניט אוועקגעלייגט און וואָס ער האָט ניט געגעסען, איז אַלץ געווען פערדעכטיג און אין אַלץ האָט מען אריינגעלערענט פשטים מיט קל וחומר׳ס . . . און צווישען יעדען מיט זיין גנב האָט זיך אויסגעפלאָכטען א מאָדנער אינטים שניר׳ל, אַז יעדער איז גרייט געווען פאר זיין גנב, — וועלכען ער האָט אַליין אויסגעכאַוועט און ארומגערינגעלט מיט אזוי פיעל פאָרזיכטיגקייט, — זיך לאָזען אָבשניידען א פינגער . . .

ווען מיר האָבען זיך צונויפגעקליבען און ארויסגעלייגט די רעזולטאַטען פון אונזער אַרבייט, איז יעדער געווען ביי זיך אזוי זיכער און יעדענס בעווייזען אזוי איבערצייגענד, אלע דריי די זעלבע זיכערהייט און אלע דריי גלייך איבערצייגענד . . . אַז מען האָט בשום אופן ניט געקענט זאָגען, ווער עס האָט מעהר רעכט און ווער עס האָט ווייניגער געגרייזט . . .

און ווער ווייס מיט וואָס עס וואָלט זיך געווען ענדיגען, ווען עס זאָל זיך ניט מאַכען א מעשה, וואָס עס האָט אונטערגעגראבען אַלע אונזערע בנינים . . .

אָט וואָס עס האָט זיך געטראָפען: פרייטאג נאָך מיטאג האָט מען פארשלאָסען די מיהל. דער גוי איז אַוועק אין דאָרף. די אידען אין מרחץ אום זיך צו מאַכען שבת׳דיג. די פערד האָט מען פריש אונטערגעבעט, פארשאַטען האבער און פערלייגט היי ביז זונטאג אין דער פריה. דעם גאַנצען שבת איז אין מיהל קיין לעבעדיג בעשעפעניש ניט אַריינגעקומען. לויט אונזערע פלענער האָט די נאַכט קיין אייער ניט געדאַרפט פעהלען. לויפען מיר דאָך שבת אין דער פריה גלייך פון די בעטען זעהן, וואָס עס איז געוואָרען און בע . . . פונקט ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען, ווי אַלע נעכט...

מיר זיינען געבליבען מיט אָפענע מיילער און האָבען געהאַט א געפיהל, ווי מיר וואָלטען געהאַלטען עפּעס אין טאַש און פלוצים עס פארלאָרען . . . און זיך דערמאַנענדיג יעדער אין זיינע פלענער און לופט־שלעסער, וואָס ער האָט געבויט, האָט זיך יעדען געדאַכט, אַז דוקא זיינע זיינען געווען די נארעשטע און אונגעלומפּערטסטע, מ׳האָט זיך געשעמט און ניט געקענט שענקען, ווי מ׳קומט אַרויף אויף אַזעלכעם . . .

ווי די זאַך איז, האָבען מיר אַלע געמוזט מודה זיין, אַז דער וועג מיט וועלכען מיר זיינען געגאַנגען איז ניט דער ריכטיגער, און מ׳מוז זוכען נייע . . . און אָט צו די נייע איז געבליבען אז מ׳זאָל נעהמען צו הילף די ארבייטער — זיי זיינען עלטער, האָבען מעהר געזעהן און ווייסען מעהר פאר אונז. אָט ווי עס וועט דערצעהלט ווערען אין קומענדיגען קאַפּיטעל.

דר. מאַקס גאָלדפאַרב

די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין אמעריקא*)

זיט אַלע סאָציאַליסטען אין אמעריקא זיינען אין דער פעדעראַציע. פיעלע פון זיי זיינען דירעקט אַנגעשלאָסען אן דער פּאַרטיי. קיין גענויע סטאַטיסטיק האָבען מיר ניט איבער דער פראַגע. פיעלע קאָמפּעטענטע סאָציאַליסטישע טוערס אין לאַנד דענקען, אַז די צאָהל פון די אידישע סאָציאַליסטען אין דער פּאַרטיי איז פיעל גרעסער ווי זייער צאָהל אין דער פעדעראַציע. דער חלוק צווישען די צוויי קאַטעגאָריעס אידישע סאָציאַליסטען איז אָבער ניט בלויז אין דער צאָהל. זיי אונטערשיידען זיך איינע פון די אַנדערע אויך ניט בלויז אין דער שפּראַך פראַגע. אין די פעדעראַירטע ברענטשעס טרעפען מיר פיעלע גענאָסען, וועלכע פערשטעהען גוט ענגליש און וועלכע געברויכען זאָגאַר ניט שלעכט די שפּראַך. פון דער צווייטער זייט געפינען מיר אין די פּאַרטיי ברענטשעס גענאָסען, וועלכע לעבען זעהר ניט בשלום מיט דער ענגלישער שפּראַך.

עס איז קיין ספק ניט, אַז די צוויי קאַטעגאָריעס אידישע סאָציאַליסטען שטעלען מיט זיך פאָר צוויי פערשיעדענע טענדענצען פון דעם אידישען לעבען בכלל און פון דעם אמעריקאַנער אידישען לעבען בפרט.

אַ גרויסען טעות מאַכען די, וועלכע מיינען, אַז די פראַגע וועגען אידישקייט און סאָציאַליזם איז אַ ריין אַמעריקאַנער פראַגע. מיט דער פראַגע בעגעגענען מיר זיך איבעראַל נור וואו די אידישע בעפעלקערונג איז גרויס און דער סאָציאַליזם הויבט זיך אָן צו פערשפּרייטען צווישען דער אידישער ארבייטער מאַסע.

ס'איז אויך ניט אמת, אַז די פּראָבלעם איז אַ נייע אין דעם אידישען לעבען. אַמאָהליגע יאָהרען, בעפאָר דער סאָציאַליזם האָט פערנומען דעם אויבענאָן אין דער אידעען וועלט, איז די זעלבע פראַגע דעבאַטירט געוואָרען אין אַ אַנדער פאָרם. אין דייטשלאַנד האָט מען דעבאַטירט וועגען אידישקייט און די דייטשע קולטור, אין פּוילען — וועגען אידישקייט און די פּוילישע קולטור. און אין דער אַלטער דעבאַטע וועגען אידישקייט און קולטור האָבען מיר זיך אייגענטליך בעגעגענט מיט די זעלבע טעאָריעס, ווי אין דער נייער — וועגען אידישקייט און סאָציאַליזם. פאַר אונז איז די דעבאַטע וויכטיג אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זי האָט אַ שייכות צום לעבען און צו דער טהעטיגקייט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

די נאַכפאָלגער פון דער סאָציאַליסטישע אסימילאַציאָנס טעאָריע אין אמעריקא שטיצען זיך אייגענטליך אויף צוויי פּרינציפּען :

1) אין דעם „שמעלץ טאָפּ“ פון דעם אמעריקאַנער לעבען ווערען בטל אַלע נאַציאָנען — וועט שוין במילא אויך די אידישע נאַציאָן „צושמעלצט“ ווערען.

2) דער סאָציאַליזם בעגעגענט זיך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע בלויז דאָרט, וואו עס עקזיסטירט נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג— אין דער פרייער אמעריקא ווערט די נאַציע אַ פּריוואַט־זאַך, פּונקט ווי רעליגיאָן. און פּאָליטישע פּאַרטייען האָבען גאָרניט מיט דער פראַגע צו טהון.

די נאַכפאָלגער פון דיעזער „טעאָריע“ געפינען מיר אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויסער דער פעדעראַציע.

פאַר יעדען, ווער ס'איז נור אַ ביסעל בעקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע, איז קלאָהר, אַז מיר האָבען דאָ פאַר זיך די אַלטע יענטע, וועלכע האָט זיך נור אַ ביסעל איבערגעשלייערט. אין אַן אַנדער פאָרם האָבען מיר דיזעלבע טעאָריע בעגעגענט אויך אין דער אַלטער וועלט. דאָס אמעריקאַנער לעבען פּונקט אַזוי ווי דאָס לעבען אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילען, מאַכט אָבער דערוויל חוזק פון דער איבערגעשלייערטער יענטע.

קוקען מיר אויף דעם אידישען לעבען דאָ אין אמעריקא מיט אָפענע אויגען, זעהען מיר קלאָר און דייטליך, אַז דער פּאָדים פון דער אידישער געשיכטע האָט זיך דאָ ניט איבערגעריסען. מיר זעהען דאָ פאַר זיך אידישע געזעלשאַפטען, אין וועלכע עס גרופּירען זיך

*) פאַר די לעזער אין אויסלאַנד ווילען מיר דאָ ערקלעהרען, אַז די אידישע פעדעראַציע, אַזוי גוט ווי די דייטשע, פינישע שפּראַך־גרופּען, זיינען ניט קיין פעדעראַטיווע טיילען פון דער פּאַרטיי. זיי זיינען ניט פערטראַטען אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, נור זיי זיינען פערבונדען מיט איהר דורך סעקרעטערע—איבערזעצער. די פּאַרטיי איז געבויט אויפ'ן טעריטאָריעלען פּרינציפּ — זי איז אַ פאַראיינינונג פון „סטייט“־אָרגאַניזאַציאָנען.

פערשיעדענע עלעמענטען און פערשיעדענע טענ־
דענצען, אידישע צייטונגען און זשורנאַלען,
וועלכע שפּיעגעלען אָפּ די פערשיעדענע שאַטי־
רונגען, אידישע אָרדערס, אידישע יוניאָנס, אי־
דישע קהילות, אידישע שוהלען, טעאַטערע און
ז. וו. און ז. וו. קורץ גערעדט, מיר זעהן דאָ
דאָס אידישע לעבען אין אַלע זיינע פערשיע־
דענע פאָרמען און שאַטירונגען. אויף דעם פּאָ־
ליטישען געביעט זעהן מיר, אַז די פּאָליטישענס
פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַר־
טייען האָבען געפונען דעם וועג צום אידישען
וועהלער, זיי שטיצען אידישע צייטונ־
גען און זיי ארבייטען פּראַקטיש און מיט ער־
פאָלג אין דעם אידישען ווינקעלע.
דערביי קימערן זיי זיך גאַנץ ווייניג וועגען
דער פילאָזאָפיע פונ׳ם „שמעלץ־טאָפּ“. פאַר
די אידישע סאָציאַליסטען, וואָס גרופּירען זיך
אַרום דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדע־
ראַציע, איז קלאַהר, אַז ס׳וואָלט געווען אַ
פערברעכען מפקיר צו זיין די הונדערטער טוי־
זענדער אידישע אַרבייטער אין נאָמען פון
צווייפעלהאַפטע און פערשימעלטע טעאָריעס,
וואָס זיינען געבויט אויף דעם שטויב, וואָס
דער ווינד פון דער געשיכטע האָט שוין לאַנג
צובלאָזען. זיי קענען ניט בלייבען גלייכגיל־
טיג, ווען קינדער פון די אידישע אַרבייטער
בעקומען אַ רעאַקציאָנערע רעליגיעזע ערציהונג,
ווען קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישענס שפּיעלען
דעם ערשטען פידעל אין אידישע אַרבייטער
אָרדענס, ווען אידישע אַרבייטער גיבען אַוועק
זייערע שטימען קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען,
ווען טויזענדער אידישע אַרבייטער לעבען אין
דער פינסטערניש, ווען די צאָהל פון נאַטוראַ־
ליזירטע אידישע אַרבייטער איז אַזוי מורא׳דיג
קליין, ווען אידישע אימיגראַנטען פאַלען
אַריין אין פינסטערע נעטצען, ווען דער אַמע־
ריקאַנער דזשינגאָאיזם סמ׳ט אָפּ די מוחות
און די הערצער פון די אידישע אַרבייטער.

זיי פיהלען און פערשטעהן, אַז דאָס לעבען
שטעלט זיי אַ גאַנצע רייהע אויפגאַבען, וועלכע
זיינען ניט פאָרמולירט אין דער פּאַרטיי קאָנ־
סטיטוציע, נור ווערען דיקטירט פונ׳ם לעבען
גופא און די אויפגאַבען קענען בשום אופן ניט
ערפילט ווערען דורך די איינצעלנע סאָציאַ־
ליסטען, וועלכע זיינען פערנאַנדערגעוואָרפען
אין די פערשיעדענע סאָציאַליסטישע אָרגאַני־
זאַציעס. איינצעלנע אידיש־שפּרעכענדע
ברענטשעס, וואָס אַרבייטען יעדער אויף זיין
אייגענער אחריות און מיט זיינע אייגענע כוחות,
קענען אויך ניט לעזען די שווערע אויפגאַבען.
אַלע אידישע סאָציאַליסטען מוזען זיין פער־
אייניגט אין ברענטשעס, די ברענטשעס אין
אַן אַלגעמיינער פעדעראַציע אום ערפאָלגרייך
צו פיהרען אַ מלחמה פאַר׳ן ערפאָלג פון סאָ־
ציאַליזם אויף דער אידישער גאַס.

* * *

היסטאָריש איז די אידישע פעדעראַציע אַ
יורש פון דער אידישער אָרגאַניזאַציאָנס ביוראָ.
ס׳איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז אונטער
גאַנץ אַנדערע אומשטענדען האָט די אידישע
סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין רוסלאַנד דורכ־
געמאַכט דיזעלבע שטופען פון ענטוויקלונג. די
אידישע סאָציאַליסטען אין רוסלאַנד האָבען פון
אָנפאַנג אויך אייגענטליך געגרינדעט אַן אַגיטאַ־
ציאָנס ביוראָ, וועלכע האָט געהאַט אַן אויפגאַבע
צו רעקרוטירען מעמבערס פאַר דער רוסלענדער
סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. לאַנגע יאָהרען פון
סאָציאַליסטישער אויפקלערונג האָבען געבראַכט
דערצו, אַז די אַמאָליגע אַגיטאַציאָנס־ביוראָ זאָל
פערוואַנדעלט ווערען אין אַ סאָציאַליסטישע
אָרגאַניזאַציע אין פולען זין פון וואָרט.

די אידישע סאָציאַליסטישע ביוראָ דאָ, אין
אַמעריקאַ, איז ווירקליך געווען אין אַ בעסערע
לאַגע ווי די איצטיגע סאָציאַליסטישע פעדעראַ־
ציע. זי האָט ניט געהאַט אַזוי פיעל אונפריינד.
זי האָט אָבער, ווי עס ווייזט אויס, אויך ניט גע־
האַט קיינע הייסע, איבערגעבענע פריינד, וועל־
כע וואָלטען געקענט מאַכען פון איהר אַרבייט
אַן ערפאָלג. סיי די אידיש־שפּרעכענדע
ברענטשעס, סיי די איינצעלנע אידישע סאָציאַ־
ליסטען האָבען זיך גענויטיגט אין אַן אָרגאַ־
ניזאַציע, וועלכע זאָל ניט בלויז אַגיטי־
רען דעם עולם, נור וועלכע זאָל הויפּטזעכליך
פאָרשטעלען דעם אָרגאַניזיר־
טען ווילען פון די אידישע
סאָציאַליסטען אין לאַנד: די
בעגייסטערונג אַרום דער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ
פון אָנפאַנג, פון איין זייט, און איהר אינווע־
ניגסטע שוואַכקייט פון דער צווייטער האָבען
קלאָר בעוויזען, אַז זי קען ניט בעפרידיגען די
אינטערעסען, וועלכע האָבען זי בעשאַפען.

די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע
איז ניט צופעליג געבוירען געוואָרען — זי איז
געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט און
טאַקע דערפאַר זיינען אַלע איהרע אונטערנעה־
מונגען אַ גרויסער ערפאָלג.

פיעלע מעסטען דעם כוח פון דער פעדע־
ראַציע מיט דער צאָהל פון איהרע מעמבערס,
וועלכע איז ווירקליך זעהר קליין. מיר וועלען
אָבער די פראַגע וועגען דער צאָהל פיעל בע־
סער פערשטעהן, ווען מיר וועלען נעהמען אין
אַנבעטראַכט די אַרומיגע אומשטענדען. מיר
האָבען שוין אָנגעוויזען, אַז פיעלע אידישע סאָ־
ציאַליסטען געפינען זיך אויסער דער פעדעראַ־
ציע. פיעלע אידישע סאָציאַליסטען שטעהען
אין גאַנצען אויסער דער סאָציאַליסטישער פּאַר־
טיי. אין דער פעדעראַציע גופא האָבען מיר
ווידער אַ מורא׳דיגע צאָהל פון מעמבערס, וואָס
זיינען ניט גוט־שטעהענד. זיי קענען זיך ניט
צוגעוואוינען צו צאָהלען רעגעלמעסיג און סי־

סטעמאטיש זייערע דיוס. פון דער קראנקהייט ליידט אפילו דער „ארבייטער רינג", וואו זיין ניט־גוטשטעהענד הייסט — פערליערען די רעכט אויף בענעפיטען. ניט קוקענדיג אויף די אלע אורזאכען בעמערקען מיר, אז די צאהל פון מעמבערס פון דער פעדעראציע האלט אין איין וואקסען. און איצט האט די פעדעראציע אן ערך פון 2200 גוטשטעהענדע מעמבערס, כאטש מיר האבען דא אין לאנד א קריזיס. וויכטיג איז אבער, אז ניט־קוקענדיג אויף דער קליינער צאהל מעמבערס האט די פעדעראציע אויפגעטהאן פיעלע וויכטיגע ארבייט און איז שוין געווארען א בעשטימטע קראפט אין דעם אידישען ארבייטער־לעבען אין אמעריקא, וואס עס מוזען אנערקענען אפילו די, וואס זיינען צו איהר ניט פריינדליך געניינט. גרינדען דא נייע סאציאליסטישע ברענטשעס איז ווירקליך ניט זעהר שווער. אין דעם האב איך געהאט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען אין דער צייט פון מיין רייזע איבער'ן לאנד. שווער איז אבער אויפצוהאלטען די ברענטשעס.

די אידישע סאציאליסטישע ברענטשעס ווערען צופאלען נאך פיעל שנעלער, ווי זיי ווערען אויפגעבויט. אין די אמאליגע צייטען — אויך אין די צייטען פון דער אגיטאציאנס־ביורא — פלעגען די ברענטשעס לעבען פון „אסתר תענית ביז פורים". פון דער צייט אבער זייט עס עקזיסטירט די פעדעראציע האלטען די ברענטשעס אין איין וואקסען און **קיינער פון זיי איז זיך ניט פערנאנדערגעפאלען** (זעה מיין בעריכט צו דער עקזעקוטיווע „אידישער סאציאליסט" נומער 12). דאס איז געוויס ניט קיין צופעליגע ערשיינונג. די ברענטשעס שטארבען איצט ניט אפ, ווייל זיי ערפילען א בעשטימטע געזעלשאפטליך־נויטיגע ארבייט. נאך צוריק מיט 10 חדשים האט דער פילאדעלפיער צענטראל ברענטש געהאט 50 מעמבערס. ער האט ניט געלעבט — ער האט בלויז עקזיסטירט. איצט האט ער קנאפע 300 מעמבערס און ער איז די **וויכטיגסטע** איינריכטונג אין דער פילאדעלפיער אידישער ארבייטער בעוועגונג. אלע ארבייטער ארגאניזאציעס — די יוניאנס, דער ארבייטער רינג זיינען מיט איהם ענג צונויפגעבונדען. צוריק מיט א יאהר איז אין בופאלא בלויז געווען א זכר פון פיעלע פרוכטלאזע פראבען צו בילדען א ברענטש. איצט האבען מיר דארט א ברענטש מיט קנאפע 100 מעמבערס, מיט א שעהנער סאנדעי סקול און מיט א אייגענער „היים". אין פיטסבורג קען מען זיך ניט פארשטעלען קיין וויכטיגע פאסירונג אין ארבייטער לעבען, צו וועלכען דער ברענטש פון דער פעדעראציע זאל ניט האבען קיין דירעקטע שייכות, און מערקווירדיג איז, **אז אלע שטארקע ברענטשעס שפיעלען א גרויסע ראלע סיי אין דעם אידישען ארבייטער לעבען, סיי אין אלגעמיינעם פארטיי־לעבען.** אין פיעלע שטעדט איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון די פארטיי־בעאמטע זייער צופריעדענהייט מיט דער **פארטיי** ארבייט פון די אידישע ברענטשעס (סענט לואיס, פיטסבורג און ז. וו.). איך האב בלויז אנגעמערקט איינגע שטעדט, די שטעדט זיינען זיכער ניט קיין אויסנאהם. די קראפט פון דער פעדעראציע אלס א גאנצע האט מען געקענט זעהן אויף דער לעטצטער ארבייטער רינג קאנווענשאן. ווי בעוואוסט צעהלט דער א. ר. כמעט 50 טויזענד מעמבערס. די אידישע סאצ. פעדעראציע איז אן ערך 20 מאהל קלענער. ניט אלע מעמבערס פון דער פעדעראציע זיינען מעמבערס פונ'ם א. ר. און דאך האבען די מיטגליעדער פון דער פעדעראציע געבילדעט א דריטעל פון אלגעמיינער צאהל דעלעגאטען אויף דער לעצטער קאנווענשאן !

אין דער זעלבער צייט טרעט ארויס די קראפט פון דער פעדעראציע אלס א גאנצע אין דער סאציאליסטישער פארטיי. די אידישע פעדעראציע האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דעם סאציאלען קעמפיין פון דער פארטיי געגען דעם אנטי־אימיגראציאנס ביל. אזוי אויך האט זי זיך בעטייליגט אין פיעלע אנדערע וויכטיגע ארבייטען.

בעטראכטען מיר די ברענטשעס בעזונדער, אדער די פעדעראציע אלס א גאנצע, זעהן מיר איינעם און דער זעלבען כלל : וועט די פעדעראציע שטארקער אלס א טהייל פון דעם אידישען לעבען, ווערט זי אויך שטארקער אלס א טהייל פון דער סאציאליסטישער פארטיי. וועגען דעם בעזונדערס דארפען זיך פערטראכטען די, וועלכע האבען מורא, אז די פעדעראציע זאל חס וחלילה ניט פערבלאנדזשען קיין ירושלים.

* * *

מיר האבען פערבייגעהענדיג אנגעוויזען, אז ס'איז פאראן א גרויסע צאהל אידישע סאציאליסטען, וואס שטעהן אין גאנצען אויסער דער פארטיי. אה, זיי וועלען בשום אופן זיך ניט פערשליסען אין די ענגע ראהמען פון פארטיי און ארגאניזאציאנס־דיסציפלין. אזעלכע „פרייע" סאציאליסטען זיינען דא זעהר אין דער מאדע. דאס, ווייזט אויס, איז א ירושה פון דער צייט, ווען קיינע שטארקע ארגאניזאציעס האבען נאך ניט געקענט האבען קיין קיום צווישען די אנגעלאפענע אידישע ארבייטער. און זיי אלע קוקען אונפריינדליך אויף דער פעדעראציע, וועלכע איז פאקטיש די טרעגערין פון דער ארגאניזאציאנס אידעע.

ניו־יארק איז פון תמיד א גינסטיגער פלאץ

פאַר די „פרייע“ טראַדיציעס. די בעפעלקערונג איז דאָ נאָך עד היום אין א געוויסען גראַד אַ אַנגעלאָפּענע, אלענפאלס איז זי אַ „דורכלויפענדע“. בעזונדערס איז שווער די ארבייט אויף דער בעריהמטער איסט סייד פון ניו־יאָרק. דאָך בעמערקען מיר אויך דאָ אַ געוויסען פּראָגרעס. פאַר דער לעצטער צייט האָבען זיך אין ניו־יאָרק געגרינדעט דריי נייע ברענטשעס. די אַלטע (דער האַרלעמער און דער בראָנקסער) זיינען פערשטאַרקט געוואָרען. מיר קענען אָבער דערוייל בשום אופן ניט זאָגען, אַז די פעדערירטע ברענטשעס פערנעהמען דעם פלאַץ אין דעם ניו־יאָרקער אידישען ארבייטער לעבען, וואָס דער אָרגאַניזירטער אידישער סאָציאַליזם האָט געדאַרפט פערנעהמען. פיעל ערפאָלגרייכער איז די ארבייט פונ'ם דזשענעראל אָפּיס. מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף זיין פיעל־זייטיגער טהעטיגקייט. אייניגע פאקטען מוזען מיר אָבער אנמערקען. פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט ער פערשפּרייט זעהר פיעל סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, אָרגאַניזירט אַ גאַנצע רייהע רעדנער־טורס, ער האָט געשאַפען אַ צוויי־וואָכענטליכען אָרגאַן („דער אידישער סאָצ.“), וועלכער איז אגב אורחא דער איינציגער אידישער סאָציאַליסטישער פ א ר ט י י אָרגאַן אין אמעריקאַ. צום ערשטען יאנואר פון ד. י. האָט ער געמאַכט אַ פּראָבע ארויסצוגעבען אידישע סאָציאַליסטישע יאהרביכער. די ערשטע פּראָבע איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג (זעה „צוקונפט“ נומער 2), ער איז פערשפּרייט געוואָרען אין קנאַפּע 10 טויזענד קאָפּיעס. און דאָס אלעס ווערט געטהאָן ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די פעדעראַציע ארבייט ביי אזעלכע טרויעריגע אויסערליכע בעדינגונגען און מיט אזא פערהעלטניסמעסיג קליינעם מעמבערשיפּ!

* * *

ס'איז זעהר שווער אָפּצושאַטצען די ווירקונג פון דער פעדעראַציע אויף די צוויי טענדענצען פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען לעבען אין אַמעריקאַ. זי ווערט קריטיקירט פון פערשיעדענע זייטען. די אידישע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען פּרינציפּיעל אויסער דער פעדעראַציע, קוקען אויף איהר קרום, דערפאַר וואָס זי איז צו אידיש. די „פרייע“ סאָציאַליסטען האַסען זי דערפאַר וואָס זי איז פאַר זיי צו סעקטאַנטיש („אַ קלייזעל!“). וואונדערבאַר איז אָבער, אַז די ביידע גרופּען בילדען אַ נאַטירליכען פערבאַנד. מיר זעהען, אַז ווען אידישע מעמבערס פון ענגלישע ברענטשעס קומען אריין אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג, ווערען זיי „פריי“ און „אונאבהענגיג“ פונקט ווי די פרייע סאָציאַליסטען, וואָס שטעהן אין גאַנצען אויסער דער פּאַרטיי.

די פעדעראַציע אָבער טרעט ארויס אלס דער פאַהנע טרעגער פון דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר פּ אַ ר ט י אין דעם געביעט פון איהר אַרבייט. פון א גאַנץ אַנדערער זייט קומען מיר נאָך א מאָל צו דעם כלל, וועלכען מיר האָבען שוין איין מאָל פאָרמולירט: די פערשטאַרקונג פון דער אידישער פעדעראַציע אין דעם אידישען לעבען בעדייט די פערשטאַרקונג פון דער אלגעמיינער אַמעריקאנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

טאַקי דערפאַר בעמערקען מיר אין דער פעדעראַציע צוויי ערשיינונגען, וועלכע פיעלע פון איהרע בעאָבאַכטער האָבען ניט גענומען אין בעטראַכט. די פעדעראַציע איז בעזונדער שטאַרק דאָרט, וואו די אידישע בעפעלקערונג האָט זיך שוין אָפּגעזעצט. זי איז שטאַרקער אין דער קאָונטרי, ווי אין ניו־יאָרק. אין ניו־יאָרק גופא איז זי שטאַרקער אין האַרלעם און אין בראָנקס, ווי אויף דער איסט סייד — דער פלאַטץ, וואו ס'וואוינען הויפּטזעכליך די „דורכלויפענדע“ אידישע אימיגראַנטען. דער ספּעציפישער אימיגראַנטען קבוץ איז ניט קיין גינסטיגער מאַטעריאל פאַר פּאַרטיי איינריכטונגען בכלל און פאַר אידישע פּאַרטיי איינריכטונגען בפרט. יעדע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אַ סך אַ גרעסערן ערפאָלג צווישען תושבים ווי צווישען גרים. און די אידישע פעדעראַציע איז אויך הויפּטזעכליך אַ אָרגאַניזאַציע פון תושבים. מיר געפינען אין איהרע רייהען פיעלע אויסערליך אמעריקאניזירטע גענאָסען, וועלכע שטעהן אָפט אן דער שפּיצע פון די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס. אַלטע גענאָסען, וועלכע זיינען געווען אין אמעריקאנער ברענטשעס ניט צוליעב פּרינציפּען, נור ווייל אין דער שטאָדט איז קיין אידישע אָרגאַניזאַציע ניט געווען, זיינען איצט גאַנץ אָפט גרינדער פון די ברענטשעס פון דער פעדעראַציע.

סיי די „געאָגראַפיע“, סיי די היסטאָריע פון דער פעדעראַציע לערנט אונז, אַז זי איז חס וחלילה ניט קיין אימפּאָרטירטע „סחורה“. די לעבענס־בעדינגונגען פון די אידישע אַרבייטער אין אַמעריקא האָבען זי בעשאַפען. די טהעטיגקייט פון דער פעדעראַציע לערנט אונז אויך, אַז איהרע פליכטען, אַלס א טהייל פון דער פּאַרטיי, און איהרע אויפגאַבען, אַלס אַ טהייל פון דעם אידישען אַרבייטער לעבען, געפינען זיך ניט אין קיין שום ווידערשפּרוך. פערקעהרט זיי זיינען ענג צווישען זיך צונויפגעבונדען.

שלום אַש

דער וועג צו זיך:

ראָמאַן.

(פֿאָרטזעצונג)

קאַפּיטעל 25.

יאַש בלום.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז יאַש בלום שוין אויפגעשטאַנען פון בעט און איז אַרויסגעגאַנגען צווישען די בעקאַנטע. עס איז איהם שוין אויף אַזוי פיעל גוט געגאַנגען, אַז ער האָט זיך געריכט נאָך אַמאָל אין געהיים צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, פון וואָס די שוועסטער האָבען איהם אָבגעהאַלטען. ער איז אַרומגעגאַנגען בייז און אויפגערעגט און נישט געפונען זיך קיין אָרט צווישען דעם קרייז פון זיינע בעקאַנטע, צווישען זיינע שוועסטער און שוועסטער׳ס חתנים.

אַלע בעקאַנטע דאָ זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דעם „ראַבין“, קרעמערן, צו וועלכען אַלע האָבען זיך צוגעהערט מיט דרך־ארץ און פאַר וועמעס ריינקייט אַלע האָבען רעספּעקט געהאַט. זיי האָבען געוואוסט, אַז דער מענש האָט געאָפּפערט פאַר זיין אידעאַל — נישט בלויז זיין קאַריערע, זיינע פעהיגקייטען, זיין פאַמיליע, נור אויך זיין פּריוואַט־לעבען, זיין ליעבע צו זיין ווייב און צו זיין איינציג קינד; די טורמע האָט שוין געהאַט אויפגעגעסען זיין יוגענד און געזונד, און ער איז קראַנק געוואָרען. נור נישט דאָס האָט איהם געהויבען אין די אויגען פון דעם קרייז בעקאַנטע — יעדער פון זיי, וואָס האָט נור געהערט צו אַ פּאַרטיי, אויסער די בורזשועו, „די קינסטלער“ — ווי קאַוואַלסקי און בויטשאַק, — האָבען אייגענטליך מיט דעם זעלבען פּרייז בעצאָהלט פאַר זייער אידעאַל, ווי קרעמער, — וואָס האָט איהם פון זיי אָבגעשיידעט און העכער געשטעלט, איז געווען זיין זיכערקייט און רוהיגקייט, וואָס האָט ווי מיט פרייד פון זיינע בעגייסטערטע, לויכטענדע אויגען אַרויסגעשיינט, פון דעם רוהיגען שמייכעלע אויף זיינע ליפּען — פון דער גאַנצער פּערזאָן האָט געפלאָסען פרייד. דאָס איז געווען די פרייד וואָס קוועלט ביים מענשען פון דער שכל׳דיגער ליעבע צו זיין גאָט, צו זיין נאַטור, ווען ער איז איבערצייגט, אַז ער טהוט די פּפליכט, וואָס איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף איהם פון דער נאַטור, — די פליכט, וואָס מאַכט אויס דעם מענשען גופא אַ שטיק ווירקענדע נאַטור.

די פרייד, וואָס דער קינסטלער האָט שאַפענדיג זיין ווערק, די פרייד האָט זיך אויך אַרויסגעפיהלט פון דעם „ראַבינס“ טהון, פון דעם „ראַבינס“ רעדען און לאַכען. ער האָט קלאָהר געוואוסט זיין ציעל, און געוואוסט, אַז דאָס וואָס ער טהוט, טהוט ער רעכט און אַזוי דאַרף עס זיין.

אָט די „פאַרשטענדליכע ליעבע צו זייער גאָט“ האָבען נישט געהאַט קיינע פון די „חברים“, וואָס האָבען זיך געפונען אין דעם קרייז דאָ. יאָ, זיי זיינען געווען רעוואָלוציאָנערען, ווייל זיי האָבען געבענקט נאָך ראָמאַנטיזם, — דאָס יונגע בלוט האָט געקאָכט אין די אָדערן. דאָס יונגע בלוט האָט זיך געריסען צום לעבען. דאָס פּוילישע פאָלק איז פון שטענדיג אָן געווען אַ ראָמאַנטיש פאָלק — אַ ריטער־פאָלק; דאָס פּויליש בלוט — גבור בלוט. און אַ פאָלק דאַרף, אַז יעדער דור זאָל האָבען זיין רעוואָלוציע, זיינע קרבנות — קרבנות דאָס איז די גייסטיגע שפּייז פון אַ נאַציאָן. נור די היינטיגע רעוואָלוציע איז נישט פאַר אונאַבהענגיגקייט פון פּוילען, וואָס דאָס וועט נור דער בורזשואזי געבען די מאַכט, די אויבערהאַנד איבער דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר לעבען אין אַ אַנדער צייט; די היינטיגע רעוואָלוציע איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און אין דער האָט זיך די ראָמאַנטישע יוגענד געוואָרפען.

דער וועג צו איהר, דעם קלאָהרען ציעל זעהען אַזעלכע לייט ווי דער „ראַבין“, זיי ווייסען וואו אַהין מיר האָבען צו געהן, און זעהן דעם וועג קלאָהר — דורכדעם האָבען זיי פאַר קרעמער׳ן געהאַט אַ גרויס אינערליכען רעספּעקט און צוגעהערט זיך צו זיינע רייד.

און קרעמער האָט בעטראַכט די אַרבייט, וואָס טהון יעצט יאַש מיט זיינע חברים, דעם מעראַר, וואָס זיי האָבען ענטוויקעלט, אַלס שעדליך פאַר׳ן סאָציאַליזם און פאַר דער

רעוואָלוציע, פאַר דער גאַנצער אַרבייט. דאָס איז נישט קיין סאָציאַליזם, נור באַנדיטיזם, און דאָס שרעקט אָן די בורזשועז, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע, און וואַרפט זיי אין די אָרמס פון דער רעגיערונג. דאָס וועט אונטערגראָבען די רעוואָלוציע. און דאָס וועט מאַכען אַ תל פון די קרבנות — פון דעם בלוט, וואָס די אַרבייט האָט געקאָסט ביז איצט.

—די אַרבייט אייערע, חבר, וואָס איהר טהוט, איז אַ שעדליכע, איז אַ מגפה, איז אַ אומגליק — האָט זיך געקאָכט דער בלייכער יונגערמאַן, פערקרימט זיין געזיכט ווי צו וויינען און איינגעקאַרטשעט זיך ווי ער וואָלט אין גאַנצען פערקערפּערט געוואָרען אין דעם וואָרט וואָס ער רעדט — דאָס הייסט אנשטעלען די קאַנאָנען אויף זיך אַליין. די רעוואָלוציע האָט געדאַרפט זעהן צו געווינען צו זיך צוטרויען, אַז זי קען ערהאַלטען די אָרדנונג, און איהר שטופּט די בעפעלקערונג אין די אָרעמס פון דער פּאָליציי. אויף דעם גאַנצען רוהיגען נאָכלויפענדען עלעמענט, וואָס האָט זיך מיטגעשלעפּט מיט אונז — אויף איהם האָט איהר אַ טויט־שרעק אָנגעוואָרפען מיט אייער באַנדיטיזם און איהר ברענגט איהם, אַז ער זאָל זיך זוכען שוטץ — הינטער די ביקסען פון סאָלדאַט.

— וואָס ווילט איהר, אַז מיר זאָלען מאַכען רעוואָלוציע פאַר'ן בורזשואַ? יאַ, דער בורזשואַ וואָלט דאָס געוואָלט, אַז מיר זאָלען פאַר איהם מאַכען רעוואָלוציע, מיר זאָלען פון אונז געבען קרבנות, מיר זאָלען פאַר זיינעטוועגען בלוט פערגיסען, און דערנאָך וועט ער זיך קומען צום גרייטען און איבער אונז הערשען—כאַפּט איהם דער שוואַרץ־יאָהר—זאָל ער אויך בעצאָהלען!

— אָבער אַזוי אַרום גראָבט איהר דאָך נאָר אונטער אַלעס . . . וועלען מיר מיט איהם דערנאָך מלחמה האַלטען! אַז מען האָט געקענט גובר זיין די רעגיערונג, וועט מען דאָך איהם אויך מנצח זיין, און די מלחמה איז נישט אויף איין טאָג, אויף אַ יאָהר, נור אויף זעהר, זעהר לאַנג — די מלחמה הייבט זיך דאָך ערשט אָן — מיר הייבען דאָך ערשט אָן צו געהען אויף דעם וועג.

— איך ווייס, אַז איהר וואָלט געוואָלט מאַכען רעוואָלוציע מיט פּאַפּיער און פּראָקלאַמאַציעס — די אידען האָבען אַריינגעבראַכט אין דער רעוואָלוציע זייער תלמוד־לערנען. די עלטערען זייערע האָבען געקאוועט דעם תלמוד אין זייערע „קוזשניצעס" און די יונגע קאווען דעם תלמוד אויף מאַרקס'ן. ניין, נישט מיט תלמוד דרשות וועט מען מאַכען רעוואָלוציע, מיט טהאַטען, מיט עכטע טהאַטען! —

שרייט אויס דער אויפגערעגטער, נאָך קראַנקער יאַש.

קרעמער שמייכעלט, בלייבט רוהיג, ווי פריהער. נעהמט אַראָב די ברילען פון די אויגען און זאָגט גלייכגילטיג:

— אָבער מיט די וועגען, וואָס איהר געהט, ערציהט איהר די אַרבייטער צו באַנדיטיזם און חוליגאַנסטוואָ. — די פאָלגען דערפון וועט איהר דערנאָך זעהן.

פון דעם געשפּרעך אָן האָט זיך קרעמער דערווייטערט פון יאַשען און האָט נישט געוואָלט האָבען מיט איהם קיין מגע ומתן. אין זיין געגענוואַרט האָט ער איבער אַלץ גערעדט, נור נישט איבער סאָציאַליזם, איבער אַרבייט, איבער דער רעוואָלוציע.

און דאָס האָט געקרענקט יאַש'ן — וואָרום ער, נאָך מעהר ווי אַנדערע, האָט נישט געפיהלט אין זיך די „פערשטענדליכע ליעבע צו זיין גאָט". רעוואָלוציע, יאַ, —דאָס בלוט האָט געקאָכט און האָט פערלאַנגט זיינס, אָבער אַרבייטער — וואָס פאַר אַ בשותפות'דיגעס האָט ער געהאַט מיט זיי? — איז ער געגאַנגען מיט זיי אין איין שוהלע? — האָט ער מיט זיי גע'חלומ'ט וועגען אויפלעבען פוילען? האָט ער מיט זיי דען געליטען פאַר די פוילישע שפּראַך אין דער רוסישער שוהל? — איז זיי דען אָנגעגאַנגען די אַלע זאַכען וואָס איז איהם אָנגעגאַנגען? — נור דאָך איז עס געווען פוילישע אַרבייטער — פוילישער פּראָלעטאַריאַט — פוילישע נאַציאָן. נישטאָ קיין אַנדער נאַציאָן, נור די פוילישע אַרבייטער — און דאָס האָט איהם בערוהיגט, אַז ער טהוט פאַר דער פוילישער „ספּראַווע".

ניין! ער האָט נישט בעדאַרפט קיין רעוואָלוציע פאַר אַנדערע — פאַר פוילען, פאַר אַרבייטער — פאַר לאַנד און פאָלק — נור פאַר זיך האָט ער זי בעדאַרפט. פאַר זיין אייגען בלוט — פאַר יאַש בלום דעם „זשיד", — זיך צו רעאַביליטירען, צו ווייזען אַנדערע און זיך אַליין, אַז ער איז נישט קיין איד, ווי אַנדערע אידען. ער האָט נישט קיין מורא און איז נישט קיין „טחורזש", ווי אַנדערע, ווי ער האָט דאָס געהאַט די בעדערפעניש צו ווייזען נאָך אין דער שולע. ער האָט פיעל געליטען איבער אידען, אין די קרייזען, וואו ער האָט פערקעהרט, צווישען זיינע פוילישע חברים — די שליאַכטשיצעס. זיי האָבען איהם דאָס צו פערשטעהן געגעבען אויף שריט און טריט. ער האָט געוואוסט, אַז די הראַביניאַ דאַבראַווסקאַ האָט איהם נישט פערבעטען אויף וואַקאַציע צו זיך אין דאָרף (כאָטש ער איז געווען דער בעסטער קאָלעגע און פריינד פון איהר זוהן מיט וועלכען ער האָט זיך נ'איינעם געלערנט) נור דערפאַר וואָס ער קומט אַרויס פון אידען. אַז ער איז עלטער געוואָרען

האָט ער זיך פערליעבט אין דער שוועסטער פון זיין קאָלעגע סטאשעוויטש, נאָך וועלכער דער יונג איז אויסגעגאנגען, און געוואוסט, אַז פון דער ליעבע וועט גאָר נישט ווערען, ווייל ער קומט אַרויס פון אידען. און נישט געוואגט צומאָל איהר אָנצוהערעניש צו געבען אַז ער ליעבט זי. זיין צער איבער אידען האָט איהם אָבער נישט געבראכט צו שטאָלץ אויף זיין אידישקייט. די אידישקייט האָט ער נישט געקענט, אַז ער זאָל דערויף שטאָלץ זיין. נור ער האָט עס פעראכטעט און פיינד געהאַט מיט'ן גאנצען האַרצען. צו וואָס דאַרף מען דאָס? האָט ער זיך געטראכט, און ער האָט געקוקט אויף די שמוציגע אידען מיט די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס, וועלכע האָבען זיך אין שטאָדט אַרומגעדרעהט. — צו וואָס זיינען זיי דאָ? נור כדי צו ווייזען, אַז ער קומט אַרויס פון זיי, אַז ער האָט אַ שייכות מיט זיי; כדי זיי זאָלען איהם נישט לאָזען זיין ווי אַלע זיינע חברים: די קינדער פון די שלאַכטשיצעס?

דערפאַר אָבער האָט ער יאָ געקענט אָנטייל נעהמען אין קאַמפּף פאַר זיין אייגענער פוילישער „ספּראַווע“. וואָרים אַלץ, וואָס האָט געהערט נישט צו דער קאַטוילישער קירכע, נור צו פוילישער נאַציאָנאַליטעט, ווי די פוילישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע, דאָס איז אַלץ געווען זיין זאַך פונקט אַזוי ווי די חברים'ס, — און ער האָט געוואָלט ווייזען, אַז ער איז נישט קיין ערגערער פּאַטריאָט און ווייס צו שעטצען די נאַציאָנאַלע גיטער פונקט אַזוי ווי זיינע חברים די קאַטאָליקען. און אין דער גימנאַזיום, ווען דער לעהרער פון דער רוסישער געשיכטע האָט געליענט די לעקציע איבער דער פוילישער געשיכטע לויט דעם רוסישען גייסט, וואָס האָט בעליידיגט די געפיהלען פון די פויליטשע שיהלער, איז בלוז דער ערשטער אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריען: „נישט וואַהר! איהר זאָגט ליגען!“ דער יונג (וואָס האָט געזאָלט דערפאַר ווערען אויסגעשלאָסען פון גימנאַזיום) האָט טאַקע דורכדעם פאַטער'ס גרויסע פּראָטעקציע בעצאַהלט דערפאַר מיט שמיין און איז צוויי יאָהר לענגער איבערגעבליבען אין דער זעלבער קלאַס. אָבער ווי שטאָלץ איז ער געווען דערויף! און ווען דער יונג איז דערנאָך, נאָכ'ן שמייסען, אַריינגעקומען אין קלאַס, מיט אַ בלייך געזיכט און ברענעדיגע אויגען, איז קיין גרימאַסע נישט געווען צו מערקען אויף זיין געזיכט. שטיל איז געוואָרען אין דער גאַנצער קלאַס. די חברים האָבען אויסגעמידען זיין בליק און אַראָבגעלאָזט די געזיכטער וויסענדיג פון וואַנען און נאָך וואָס פאַר אַן אַקט דער אַכטצעהן־יעהריגער יונג קומט יעצט צוריק. ער האָט אָבער זייער בליק נישט אויסגעמידען, שטאָלץ געקוקט זיי אין די אויגען אַריין. ער איז שטאָלץ געווען אויף זיין טהאַט — פאַר די פוילישע „ספּראַווע“.

נאָך דער לעקציע, אַז די חברים זיינען אַרויס פון דער שוהלע, האָבען זיי איהם שטום און מיט עהרענפורכט די האַנד געדריקט.

אַזוי האָט ער אויסגעלערנט זיינע חברים רעספּעקטירען זיינע עכטע פוילישע געפיהלען.

און איז ער נאָר געוואָרען זעלבסטשטענדיג, האָט ער זיי געקענט מיט שטאָלץ מיטטיילען, אַז ער געהערט צו דער קאַטויליש־רוימישער קירכע.

און האָט זיך געלאָזט נור הערען די ערשטע בעוועגונג אויף דער גאַס — דאָרט וואו מען האָט געפאָדערט יוגענד, מוטה און אָפּפּערונג — האָט ער זיך פון די ערשטע געשטעלט צו דינסטען. ער האָט נישט פיעל געקלעהרט דעריבער, אויב דאָס וואָס טהוט זיך דאָרט שטימט איין מיט זיינע איבערצייגונגען — ער האָט בעדאַרפט זיין יונגען טעמפּעראַמענט שטילען. דאָס בלוט האָט געקאָכט און האָט געוואָלט עפּעס, די יוגענד האָט פערלאַנגט דאָס איהריגע. און די רעוואָלוציע איז דורך אַזוי פיעל גוטע חלומות פערבונדען געווען מיט פוילען. די היינטיגע רעוואָלוציע איז נישט קיין בורזשואַ־רעוואָלוציע — נור אַ סאָציאַלע, פאַר'ן פויליטשען פאָלק, פאַר'ן פויער, פאַר'ן אַרבייטער,

און דאָ וועט ער קענען ווייזען זיין מוטה, זיין יוגענד.

נור אַ פוילישע רעוואָלוציע מוז האָבען אין זיך פון יענעם שוואונק, פון יענעם ראָמאַנטיזם, וואָס האָבען געהאַט אין זיך די אַלטע פוילישע העלדען. דאָס טאָר נישט זיין קיין סאָציאַליסטישע טרוקענע חברה, עס מוז זיין אַן אויפשטאַנד. דער רויש פון וואַלד, דאָס קלאַפּען פון וואַסער מוז בעגלייטען דעם שאָס פון ברוינינג, דאָס פּלאַצען פון דער באָמבע. „די פוילישע וועלדער מוזען ווייטער הערען דעם פוילישען שאָס“ — האָט ער געשריען — און אָנגעשלאָסען זיך דאָרט, וואו מען האָט פערלאַנגט צו מייסטען מוטה און העלדענטום. דאָרט, וואו ער קען צו מייסטען אַרויסווייזען ווי ווענינג איד ער איז און וויפיעל ער האָט שוין פון פוילען איבערגענומען. אָבער ווי פערוואונדערט איז ער געוואָרען, אַז ער האָט דערזעהען, אַז אויך ביי זיי, ביי די „חאַלאַשאַרשעס“, האָט זיך אויף ערוועקט דער מוטה, די קראַפט צו „טהאַט“, ווי ער האָט עס גערופען. און אַז ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז אַ אידישער יונגערמאַן, אַ געוועהנליכער אידישער אַרבייטער, וואָס רעדט „זשאַרגאָן“, אַ חאַלאַשאַרש, האָט אָבגעראַמט פון וועג איינעם פון די געפעהרליכסטע און מוטהיגסטע דיענער פון דער רעגיערונג, איז ער דערשראָקען געבליעבען. פון וואַנען קומט עס צו זיי? — זיי, וואָס האָבען דאָך גאָר נישט אין זיך פון פוילישען גייסט — אפשר־

האָט זיך ערוועקט ביי זיי די חשמנאים'שער גייסט ? ער האָט זיך פערטראַכט. —

די בעציהונגען פון יאַש בלום צו מערי'ן זיינען געוואָרען וואָס אַמאָל ערנסטער. צוערשט האָט זיך דער יונג גאַרנישט געקענט פאָרשטע־לען, אַז ער זאָל זיך פערליעבען אין אַ רוסישער, און דערצו אין אַ אידיש קינד. זיינען דען ביי איהם איבערהויפּט אידישע מיידלעך נישט געווען אין פּאַראויס פעראורטיילט פאַר זייער איבערפלעכליכקייט און אויסגעלאַסענקייט ? פאַלש זיינען זיי און אָהן איין עכט געפיהל, און נאָך מעהר די „ליטוואַטשקעס", די „אידי־שע ליטוואַטשקעס" — קען דען עפּעס זיין מעהר אבשטויסענדעס ? — און זיין אידעאַל האָט ער דאָך שוין געהאַט אַ פּאַרטיגען, אַן אָב־געמאַכטען. זיין אידעאַל — דער „ווייסער קאַפּ". די, וואָס אין איהרע זיטען איז פערקער־פּערט דער אידעאַל פון דער פּוילישער פרוי, וועלכע האָט אין זיך דעם געשמאַק פון פּוילי־שען פעלד און בעוואַקסענעם סטאַוו. די, וואָס איהר געשטאַלט איז אַ סימבאָל פון דער טראַגע־דיע פון דער פּוילישער נשמה, שטאָלץ און אַ טרויעריגער גלאַנץ שיינען אויף איהר. —האָט ער נישט דען פון דעם אידעאַל געטרוימט נאָך ווען ער איז געזעסען אויף דער באַנק אין דער גימנאַזיע, ווען ער האָט געלעזען „פּאַן טאַדע־אוש", „מאַזעפּאַ" ? איז נישט די פרוי פון דער פּוילישער ליטעראַטור פערקערפּערט אין לע־בען, אין יעדען פּוילישען מיידעל : — שטאָלץ, טרויעריג און אָפּפערונגס־פעהיג. און ווי דאָס טרויעריגע געזאַנג פון דער פּוילישער „אָ־טשיזנא" ? האָט ער זי ניט געזעהען אין די שוועסטערן פון זיינע קאָלעגען, און האָט ער זיי נישט אוועקגעשאָנקען זיינע אינגליישע חלומות, זיינע וואַרימע נעכט אויף זיין געלעגער און זיין אונשולדיגקייט ? (וואָס ער האָט בעהאַל־טען ביז יעצט אין גאַנצען ריין, כדי צוצוקומען צו יענער, וועלכע ער וועט זיך אויסוועהלען, ווי די פּוילישע פרוי איז עס ווערטה — אַזוי אונשולדיג ווי זי וועט צו איהם קומען).

און ווער איז זי דאָס וועלכע ציהט איהם אַזוי, וועלכע צושטערט איהם אַלע זיינע חלומות ? די ליעבע צו איהר — איז עס נישט אַ זינדיגע ליידענשאַפט, וואָס דאָס אָריענטאַ־לישע אין איהר האָט ערפלאַמט אין איהם ? און איז עס נישט געווען די סבה, זיין קרענק־ליכער צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זיך גע־פונען ? נור וואָס ער איז געזינדער געוואָרען און מעהר געקומען צו זיך, האָט ער זיך גע־מוזט זאָגען — ניין, עס איז נישט בלויז אַ זינדיגע ליידענשאַפט, וואָס ער פיהלט צו מע־רי'ן — אַ טיעפערעס געפיהל ציהט איהם צו איהר, און וואָס אַמאָל ווערט עס ערנסטער אָהן זיין וויסען און ווילען. עפּעס ליגען אין דער „ליטוואַטשקע" אויף אויפבעוואַהרט גע־היימניסען פון אַנדערע פעלקער און פון אַנדע־רע סטאַווען, וואָס ער קען נישט, און דאָס זינגט פון איהר יעדער בעוועגונג אַרויס.

און וואָס איז דאָס דער שטילער ריטם — די מוזיק, — וואָס ליגט בעהאַלטען אין איהר שטילען געהען, אין איהר שמייכלען, אין איהר בליק ? איז עס נישט אַ גרוס פון עפּעס ווייטעס . . . און נאָהנטעס . . . וואָס האָט עפּעס אַ שייכות מיט איהם און איז ווייט פון איהם ? ער דערפיהלט דאָך, ער דערהערט דאָך דעם ריטם פון דעם נאָהענטען געזאַנג, וואָס ליגט אויסגעגאָסען אין דעם שטילען פערפיה־רערישען שמייכעל — אויף דער האַלב פער־קרימטער ליפּ — אין דער טונקלער הויט־פאַרב — אין דעם עגיפּטישען, אינגלישען שניט פון איהר געזיכט — אין די אויגען, וואָס זיינען אַזוי פרעמד — אַזוי נאָהענט און אַזוי טרויעריג און אַזוי סודות'דיג . . .

ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט זיך, אויס־געלאַכט אַליין זיינע געפיהלען און פּאָרווירפע זיך געמאַכט איבער זיין נייגונג צו סעמיטי־שעס, וואָס איז נאָך איבערגעבליבען אין איהם. דער „שבת" האָט זיך אָנגערופען אין מיר — האָט ער חוזק געמאַכט פון זיך. אָבער דער „שבת", וואָס ער האָט ענטפּלעקט אין דער „ליטוואַטשקע", האָט איהם קיין רוה נישט גע־געבען — ער האָט ענטפּלעקט אין דעם „שבת" וואָס אַמאָל מעהר שבת'דיגקייט און שעהנקייט. און דאָס איז געלעגען אין איהר שטילקייט, אין איהר שטאָלץ, אין איהר טרויער, וואָס האָט זי איינגעהילט ווי אַ סוד, ווי אין אַ שטילען טרויע־ריגען נגון, — און דער יונג האָט וואָס אַמאָל מעהר געקריגען רעספּעקט פאַר דעם שבת'די־גען נגון, וואָס האָט געשפּיעלט פון איהר.

זיי וואָלטען ווי ביידע צווישען זיך אָב־געמאַכט, אַז די סצענע, וואָס האָט זיך אָב־געשפּיעלט צווישען זיי אויפ'ן קראַנקען בעט, זאָל ווערען פערגעסען. דאָס איז געווען אַ משוגעת פון זיי ביידע. און יאַש איז געווען צופיעל דזשענטעלמען, אַז ער זאָל זיך בענוט־צען דערמיט און זאָל איהר עפּעס געבען אָנ־צוהערען. איבריגענס איז מערי געבליעבען אַזוי גלייכגילטיג, אַז דער יונג האָט זיך געמוזט איינרעדען, אַז דאָס איז נור אַ חלום געווען : ער האָט זיך אָנגעהויבען ערנסט צו שדכנ'ן צו מערי'ן. איז ער מיט איהר אַרויסגעגאַנגען שפּאַ־צירען, האָט ער איהר אָנגעהויבען צו דערצעה־לען פון זיינע געפיהלען. מערי איז דערביי געבליעבען קאַלט און עפּעס געשמייכעלט, און בשעת מעשה געקלעהרט „וועגען סוף". און דאָס איז שוין אַלעס ? ניין, שטאַרבען האָט זי נישט געוואָלט. פון די בערגער זיך אַרונטערוואַרפען, אַז דאָס בלוט זאָל צושפּריצט ווערען ווי אַ רע־גען איבער דער סקאַלע ? — ניין, — זי איז

צו יונג, און זי וויל לעבען און זי וויל נקמה נעהמען פון לעבען. פאר קיינעם נישט, פאר קיינעם נישט לעבען, נור פאר זיך!

האט זי אויסגעהערט זיינע ערקלערונגען און זיינע שבועות און האט געשוויגען און געשמייכעלט. דער יונג האט נישט געוואוסט, וואס דער שמייכעל בעדייט, און זי האט ביי זיך געטראכט בשעת מעשה: זי מוז אוועק פון דאנען — עס האט קיין טעם נישט דא צו זיטצען. אריינוואַרפען זיך אין לעבען אריין, ווי עס וועט זיך טרעפען, און עס וועט זיך שוין מאכען . . . .

און דער יונג האט פערטרויט זיין הארץ זיין אינגערער שוועסטער זשוטקען, (מיט איהר האבען זיך אלע מישב געווען — זי איז געווען די מוטער. אלעס האבען זיי פערטרויט פאַר איהר, ווארים זי איז געווען די מיושבסטע פון אלע דאָ). זי האט געוואוסט מערי'ס פערהעלטניס צו קאוואלסקען, וואס מערי האט איהר פערטרויט — און זי האט געבעטען איהר ברודער, „נישט צו בעליידיגען דער „פרעמדע'ס" געפיהלען", און ווען דער ברודער וועט נישט וויסען צו רעספעקטירען מערי'ס טרויער, „וועט זי זיך פון די בערגער וואַרפען". — „אָ, נעווים, וועט ער וויסען צו רעספעקטירען, ער איז אַ פאָליאק און אַ סאָציאליסט"—און טאקע פון דענסמאל אָן האט ער פאר מערי'ן פערשוויגען זיין ליעבע, און מיט קיין איין וואָרט נישט פערראטהען זיינע געפיהלען. ער האט אַרויסגעוויזען צו מערי'ן אַ טיעפען דרך־ארץ, אַ גרויסע אָכטונג. ער פלעגט זיך תמיד אויפהייבען, אַז מערי איז אין שטוב אריינגעקומען, איהר אונטערטראָגען אַ שטוהל, ווי זי וואָלט געווען אַ ליידענדע אַלטע פרוי. איהר די האנד געקושט און טיעף פאר איהר דעם קאָפּ גענייגט. מערי, וועלכע האט נישט פערשטאַנען די צערעמאָניעס, האט לכתחילה געשמייכעלט און מיט לייכטיגקייט צוגענומען דעם כבוד, פון וואָס דער יונג האט פיעל קרענקונג געהאט. זי האט געזעהען, אַז זי טהוט איהם אָן צער, האט זי אויך געמאַכט אַן ערנסטערע מינע, יעדעס מאָל, עמפּפאַנגענדיג דעם כבוד, וואָס דער יונג האט איהר אָבגעגעבען. נור פון דעם אלעם האט זיך ביי יאש בלום ענטוויקעלט אַ זעהר ערנסט געפיהל צו דער „ליטוואַטשקע". מערי האט אָנגעהויבען צו פערשטעהען, אַז זי האט דאָ צו טהון מיט זעהר אַ פערוויקעלטע נאַטור, וואָס זי קען נישט. זאָל זי זיך אַריינוואַרפען אין דער פערנעבעלטער וועלט? יא, צו די פאָליאקען האט זי שוין לאנג געצויגען! — יעדענפאלס איז עס געווען די העכסטע צייט פון דאנען אוועק צו פאהרען, און דאָס האט זי יעצט געוואָלט. זי האט געוואַרט אויף העלענקעס חתונה — מיט'ן פויער בויטשאק, — צו וואָס אלע האָבען זיך איצט פארגעגרייט. די חתונה האט געזאָלט זיין אין דאָרף ביי זיין פאטער דעם פויער.

(פאָרטזעצונג קומט)

א. יפה.

פיכטע און דער מאַרקסיזם

(צו זיין הונדערטסטען יאהרצייט)

„וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע מען וועהלט, זאָגט פיכטע, הענגט אָב דערפון, וואָס פאַר אַ מענש מען איז."

דער מ ע נ ש בעשטימט דעם ד ע נ ק ע ר.

וואָס פאַר אַ מענש מען איז אָבער הענגט אָב דערפון, אין וואָס פאר אַ צייט און אין וואָס פאר אַ געזעלשאַפטליכער סביבה מען לעבט.

די „ג ע ז ע ל ש אַ פ ט" בעשטימט דעם מ ע נ ש ע ן. אַזוי איז פיכטע'ס וועלטאַנשויאונג ענג פערבונדען מיט די שטרעבונגען, בעדערפנישען און אידעאַלען פון זיין צ י י ט, ווי זיי האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין זיין אייגענאַרטיגער פ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט.

דאָס וויכטיגסטע געשעהעניש אין פיכטע'ס צייט איז געווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האט אַרויסגערופען אין די אויפגעקלערטע קרייזען פון דייטשלאנד גרויס בעגייסטערונג. מען האט זיך צוגעקוקט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו די שפּאַנענדע אַקטען פון דער וואונדערבאַרער דראַמע, וואָס האט זיך אָבגעשפּיעלט אין פראַנקרייך.

פון פראַנקרייך איז געקומען די פרעהלי־

כע בשורה. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אין דייטשלאַנד געוועקט האָפנונגען. זי האָט בעוויזען, אַז די פרייהייט איז ניט קיין חלום, אַז זי קאָן פערווירקליכט ווערען אין לעבען. און די „פרייע גייסטער" אין דייטשלאַנד האָבען אָנגעהויבען צו טרוימען וועגען אייגענער פרייהייט . . .

די געשעהענישען אין פראַנקרייך האָבען אויף פיכטע'ן געמאַכט דעם טיפסטען און שטאַרקסטען איינדרוק. און דער יונגער פיכטע האָט אין דייטשלאַנד געדרוקט אַרטיקלען וועגען דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון פראַנקרייך האָ־

יאָהאַן גאָטליעב פיכטע

(געבאָרען דעם 19טען מאַי, 1762 — געשטאָרבען דעם 29טען יאַנואַר, 1814)

בען געפונען אַן אָבקלאַנג אין פיכטע'ס רעוואָלוציאָנערען גייסט. אין פערשיעדענע אַרטיקלען האָט שוין דער יונגער פיכטע פערטיידיגט די פרייהייטס־בעוועגונג און געקעמפפט געגען דער רעאַקציע.

פיכטע'ס רעוואָלוציאָנערער טעמפעראַמענט האָט אָבער אין דעם דאַמאַלדיגען דייטשלאַנד ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך פראַקטיש „אויסצולעבען". דייטשלאַנד האָט ערשט געטרוימט וועגען פרייהייט; קיין ר ע א ל ע ר באָדען פאַר דער פרייהייט איז נאָך ניט געווען פאַראַן. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָבער אָנגעצונדען אין פיכטע'ן זיין רעוואָלוציאָנערען טעמפעראַמענט. און די „פ ר י י ה י י ט" בילדעט דעם אויסגאַנגס־פונקט און דאָס ענד־ציעל פון זיין גאַנצער פילאָזאָפישער טהעטיגקייט.

דייטשלאַנד, ווי געזאָגט, איז אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע נאָך געווען אַן אָבגעשטאַנען לאַנד אין אַלע הינזיכטען. אין דייטשלאַנד האָבען די „פראַנצויזישע אידעען" קיין פ ר א ק ט י ש ע ן כאַראַקטער נאָך ניט געקאָנט בעקומען. דייטשלאַנד איז געווען פאָליטיש צוברעקעלט און צושפליטערט אויף איינצעלנע קליינע מלוכות. דער קאַפיטאַליזם איז נאָך כמעט ווי גאָר ניט געווען ענטוויקעלט און דעריבער האָבען נאָך געפעהלט די רעאַלע געזעלשאַפטליכע קרעפטען, וועלכע זאָלען זיך פאַר דער פרייהייט קאָנען איינשטעלען און קעמפפען.

מיט רעכט האָט ענגעלס נאָך אין יאָהר 1843 געשריעבען, אַז „די פאָליטישע רעוואָלוציע אין פראַנקרייך האָט אַרויסגערופען אין דייטשלאַנד אַ רעוואָלוציע אין דער פילאָזאָפיע. קאַנט איז געווען דער ערשטער; ער האָט צושטערט דאָס אַלטע מעטאַפיזישע סיסטעם פון לייבניץ'ן, וואָס האָט אַם ענדע פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט געהערשט אין אַלע אוניווערזיטעטען אויפ'ן קאָנטינענט. פיכטע און שעלינג האָבען אָנגעהויבען צו בויען אַ נייעס סיסטעם און העגעל האָט דאָס סיסטעם פערענדיגט".

אין מיטעלפונקט פון דער קלאַסישער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע איז געשטאַנען דער פ ר י י ה י י ט ס ־ ב ע ג ר י ף. און פיכטע'ס פילאָזאָפיע איז די פ ר י י ה י י ט ס ־ פ י ל אָ ז אָ פ י ע פון יענער צייט. ער האָט געשטרעבט די פרייהייט צו בעגרינדען טהעאָרעטיש, פילאָזאָפיש. דער קאַמפף פאַר פרייהייט איז געפיהרט געוואָרען אויף דעם גייסטיגען באָדען, אין דער „אידעע". און פריהער פון אַלץ האָט מען געשטרעבט צו בעפרייען דעם ג י י ס ט, וועלכער האָט שוין געזאָלט פערווירקליכען די פרייהייט אין ל ע ב ע ן . . .

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געווען אַ בירגערליכע און פאָליטישע רעוואָלוציע. דער הויפט־פונקט, אַרום וועלכען עס האָט זיך געפיהרט דער קאַמפף, איז געווען ד י פ אָ ל י ט י ש ע פ ר י י ה י י ט.

אין פערלויף פון דער רעוואָלוציע אָבער האָט זיך שוין אַרויסגעשטעלט דער קלאַסען־געגענזאַץ צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פראָלעטאַריאַט. דער גייסטיגער פיהרער פונ'ם פראַנצויזישען פראָלעטאַריאַט אין יענער צייט — באַבעף — האָט שוין דאַן געהאַט דעם מוטה צו ערקלערען, אַז „כדי דער געזעלשאַפטליכער צושטאַנד זאָל זיין אַ פאָלקאָמענער, דאַרף יעדער האָבען גענוג און קיינער טאָר ניט האָבען צו פיעל".

באבעף האָט מיט זיין געניאַלען בליק שוין דאַן איינגעזעהן, אַז די פאָליטישע גלייכהייט אַליין מאַכט נאָך דעם מענשען ניט פריי, אַז די אמת'ע פ ר י י ה י י ט פאָדערט עקאָנאָמישע אָדער ס אָ צ י אַ ל ע ג ל י י כ ה י י ט.

פיכטע איז געווען בעקאַנט ניט נאָר מיט רוסאָ'ס פ אָ ל י ט י ש ע אידעען, נאָר אויך מיט באַבעף'ס ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע אַנשויאונגען.

אָט די אַלע גרויסע שטרעמונגען פון זיין צייט האָט פיכטע „איבערגעקאָכט" אין זיין גייסט און ער האָט געשאַפען אַ פילאָזאָפיש סיסטעם, וואָס געפינט זיך אין וואונדערליכער האַרמאָניע מיט זיין אייגענאַרטיגער פ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט.

אַלס פערזענליכקייט האָט זיך פיכטע אויסגעצייכענט מיט זיין שטאַרקען ו ו י ל ע ן און אונאַבהענגיגען כאַראַקטער. ער האָט אין פערזענליכען לעבען געשטרעבט צו פ ר י י ה י י ט און אונאַבהענגיגקייט. אַ שטרענגע אינערליכע איינהייטליכקייט און גאַנצקייט, אַן אייזערנע פעסטקייט — דאָס זיינען די הויפט־אייגענשאַפטען פון פיכטע'ן אַלס מענש. פיכטע איז געווען אַן אויסערגעוואוינליכע אַ ק ט י ו ו ע נאַטור. צו דער וועלט האָט ער זיך שטענדיג פערהאַלטען ט ה ע ט י ג. ער איז ניט געווען פעהיג זיך אונטערצוגעבען דער וועלט. די וועלט האָט זיך איהם געזאָלט אונטערגעבען. די וועלט דאַרף אונז דיענען.

די אַלע אייגענשאַפטען פון זיין כאַראַקטער זיינען אויך ענג פערבונדען מיט דעם אַזוי גערופענעם „צייט־גייסט" און שפיגלען זיך בולט אָב אין פיכטע'ס פילאָזאָפישער וועלטאַנשויאונג.

* * *

לאָגיש און היסטאָריש איז פיכטע'ס לעהרע אויסגעוואַקסען פון קאַנט'ס פילאָזאָפיע. פיכטע האָט ווייטער ענטוויקעלט קאַנט'ס שטאַנדפונקט, פונקט ווי שעלינג און העגעל האָבען ווייטער ענטוויקעלט פיכטע'ס שטאַנדפונקט.

אמת, פיכטע איז אַ קורצע צייט געווען אַן אנהענגער פון ספינאָזאַ'ן. אין ספינאָזאַ'ס סיסטעם האָט אָבער פיכטע ניט געפונען קיין פלאַץ פאַר דער פ ר י י ה י י ט און דעריבער האָט ער זיך פון איהם אָבגעזאָגט און איז איבערגעגאַנגען צו קאַנט'ן.

קאַנט'ס פילאָזאָפיע האָט אָבער אויך ניט געקאָנט פאָלשטענדיג בעפרידיגען פיכטע'ן. אמת, דער אויסגאַנגספונקט ביי קאַנט'ן איז דער „איינציג ריכטיגער". קאַנט האָט אָבער, לויט פיכטע'ס מיינונג, ניט געמאַכט די אַלע אויספיהרונגען, וועלכע עס קאָנען געמאַכט ווערען פון זיין פילאָזאָפיע. קאַנט'ס פילאָזאָפיע, מיט איין וואָרט, דאַרף מען אויסבעסערען, און פיכטע נעהמט אויף זיך די אויפגאַבע.

אין וואָס בעשטעהט קאַנט'ס גרויסע טהאַט? ביז קאַנט'ן האָט געהערשט די ד אָ ג מ אַ ט י ש ע מ ע ט אַ פ י ז י ק. קאַנט אָבער האָט אַ סוף געמאַכט צו דער דאָגמאַטישער מעטאַפיזיק, ער האָט זי איין מאָל פאַר אַלע מאָל בעזייטיגט. אין וואָס בעשטעהט דער דאָגמאַטיזם, די דאָגמאַטישע מעטאַפיזיק? די דאָגמאַטישע מעטאַפיזיק אַנערקענט אַ ן א ו י ס ע ר ל י כ ע ו ו ע ל ט פ ו ן א ו נ פ ע ר ע נ ד ע ר ל י כ ע ז אַ כ ע ן. דער דאָגמאַטיזם בעדייט פאַר פיכטע'ן די הערשאַפט פון אַ ן א ו י ס ע ר ל י כ ע ר ו ו ע ל ט איבער אונזער ג י י ס ט. דער דאָגמאַטיזם רויבט אונזער פ ר י י ה י י ט.

די אמת'ע פ ר י י ה י י ט ס־פ י ל אָ ז אָ פ י ע קאָן דאָך ניט פעראייניגט ווערען מיט'ן דאָגמאַטיזם. די פרייהייטס־פילאָזאָפיע פיהרט אונבעדינגט צום א י ד ע א ל י ז ם אָדער ריכטיגער געזאָגט, דער א י ד ע אַ ל י ז ם איז די עכטע פ ר י י ה י י ט ס־פ י ל אָ ז אָ פ י ע. די פרייהייט איז די נשמה פונ'ם אידעאַליזם. בלייבט מען שטעהן ביים דאָגמאַטיזם, מוז מען אַנערקענען די אויסערליכע נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט. און דאָרט, וואו אונזער ווילען, טהעטיגקייט ווערט בעשטימט פון דער אויסערליכער נויטווענדיגקייט, פון אַן אויסערליכער ז אַ כ ע ן־ו ו ע ל ט, דאָרט איז ניטאָ קיין פרייהייט. דער דאָגמאַטיזם געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז עס עקזיסטירט אַ וועלט פון געגענשטאַנדען, וועלכע רופען אַרויס אונזערע פאָרשטעלונגען. ווי זשע קאָן מען בעגרינדען די פ ר י י ה י י ט? דער דאָגמאַטיזם איז אַן שקלאַפען־פילאָזאָפיע, ווייל ער מאַכט אונזער גייסט אַבהענגיג פון אויסערליכע געגענשטאַנדען, פון אַן אויסערליכער וועלט.

פיכטע שטרעבט אָבער צו פרייהייט, פיכטע איז דאָך דער פרייהייטס־פילאָזאָף. זיין אויפגאַבע איז צו ב ע ג ר י נ ד ע ן די פרייהייט, כדי דעם מענשען צו ב ע פ ר י י ע ן. די נויטווענדיגקייט קאָן אָבער ניט פיהרען צו פרייהייט. זיי שליסען זיך, לויט פיכטע'ס מיינונג, געגענזייטיג אויס. און דעריבער איז דאָ ניט מעגליך קיין פשרה. ענטוועדער מען אַנערקענט די נויטווענדיגקייט, דאַן קאָן די פרייהייט ניט בעגרינדעט ווערען. אין דעם פאַל איז אונמעגליך די מ ע נ ש ל י כ ע ב ע פ ר י י א ו נ ג. אָדער מען אַנערקענט די פרייהייט, דאַן מוז מען זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַבזאָגען פונ'ם דאָגמאַטיזם. וואָס פאַר אַ שטאַנדפונקט מען וועהלט,

הענגט אָב דערפון, וואָס פאַר אַ „אינטערעס“ מען שטעלט זיך און וואָס פאַר אַ מענש מען איז. פיכטע׳ס „אינטערעס“ איז אָבער געווען: די פרייהייט און די בעפרייאונג. דאָס איז געווען די הויפּט־אויפגאַבע פון דער צייט. אין איהם האָט אויפגעוואַכט דאָס דייטשע בירגערטום. און פיכטע האָט געוועהלט דעם אידעאַליזם.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער דייטשער קלאַסישער פילאָזאָפיע האָט בעוויזען, אַז די פרייהייט קאָן זיך נאָר שטיצען אויף די נויטווענדיגקייט. דעם שטאַנדפונקט האָבען ענטוויקעלט שעלינג און העגעל אין אידעאַליסטישער געוואַנד: דער מאַרקסיזם האָט דעם שטאַנדפונקט וויסענשאַפטליך בעגרינדעט און האָט איהם פעראייניגט מיט דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג.

דער מאַרקסיזם אַנערקענט די עקזיסטענץ פון דער אביעקטיווער ווירקליכקייט. די פרייהייט איז בעוואוסטע נויטווענדיגקייט. אין אונזער טהעטיגקייט דאַרפען מיר זיך שטיצען אויף די אינערליכע געזעצמעסיגקייט און אויף דעם אָביעקטיווען ענטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער ווירקליכקייט. מיר ערקענען די ענטוויקלונגס־געזעצען פון דער נאַטור און געזעלשאַפט און נוצען זיי אויס בעוואוסטזיניג פאַר אונזערע צוועקען — דערין בעשטעהט אונזער פרייהייט.

פיכטע האָט דאָס נאָך ניט פערשטאַנען: און ער האָט געמיינט, אַז נאָר דער אידעאַליזם קאָן בעגרינדען די פרייהייט, אַז די אביעקטיווע ווירקליכקייט רויבט אונזער פרייהייט. כדי צו בעהערשען די וועלט, דאַרף מען זיך פון איהר אָבזאָגען, ד. ה. מען דאַרף די וועלט בעטראַכטען נאָר אַלס אַן ערשיינונג, אַ פאָרשטעלונג פון אונז אַליין. אַזוי האָט געמיינט פיכטע. אויף דעם וועג האָט ער געהאָפט צו דערגרייכען די אמת׳ע פרייהייט.

דער ערשטער האָט דעם דאָגמאַטיזם ערקלערט אַ קאַמפף קאַנט. ער האָט געזאָלט שאַפען די אמת׳ע פרייהייטס־פילאָזאָפיע. אין ווירקליך: קאַנט האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם טראַנסצענדענטאַלען אידעאַליזם.*) ליידער אָבער, מיינט פיכטע, איז קאַנט געבליבען שטעקען אין מיטען: פון איין זייט איז זיין פילאָזאָפיע קריטיש און טראַנסצענדענטאַל, פון דער אַנדער אָבער דאָגמאַטיש. קאַנט האָט בעוויזען, אַז די פערנונפט איז די בעדינגונג פון יעדער ערפאַהרונג, אַז די ווירקליכקייט איז נאָר אַ פאָרשטעלונג. גלייכצייטיג האָט אָבער קאַנט אויך אַנערקענט די עקזיסטענץ פון אַן אַבסאָלוטער ווירקליכקייט, וואָס ווירקט אויף אונז און רופט ארויס אונזערע פאָרשטעלונגען.

פאַר דעם אָפּאָרטוניסטישען קאַנט עקזיסטירען אַלזאָ צוויי וועלטען: אַ וועלט פון פאָרשטעלונגען און אַ וועלט פון געגענשטאַנדען.

מיט אַזאַ דואַליסטישען שטאַנדפונקט האָט זיך פיכטע ניט געקאָנט צופרידען שטעלען.

סטייטש! אַן אויסערליכע וועלט, אַן אביעקטיווע ווירקליכקייט, וואָס ווירקט אויף אונזער בעוואוסטזיין, בעשרענקט דאָך אונזער פרייהייט און בעשטימט אונזער טהעטיגקייט. דאָס האָט פיכטע ניט געקאָנט דערלאָזען, אַזאַ שטאַנדפונקט האָט פיכטע ניט געקאָנט אַננעהמען. ס׳איז ניטאָ קיין אמת׳ע פרייהייט דאָרט, וואו עס עקזיסטירט אַ וועלט פאַר זיך, אַן אביעקטיווע ווירקליכקייט, אַ „דינג אַן זיך“ (די עצם־זאַך). דאָס „דינג אַן זיך“ מוז בעזייטיגט ווערען, אויב מיר שטרעבען באמת צו פרייהייט.

אגב קומען נאָך צו לאָגישע מאָטיווען פון אַ גאַנץ אַנדערען מין. האָט דאָך יאַקאָבי גאַנץ ריכטיג בעמערקט, אַז אָהן דעם „דינג אַן זיך“ קאָן מען אין קאַנט׳ס פילאָזאָפיע ניט אַריינטרעטען; מיט׳ן „דינג אַן זיך“ קאָן מען אָבער אין קאַנט׳ס פילאָזאָפיע ניט בלייבען שטעקען. און אין אמת׳ן איז דער הויפּט־ווידערשפּרוך פון קאַנט׳ס פילאָזאָפיע — דאָס „דינג אַן זיך“. פון איין זייט איז, לויט קאַנט׳ס לעהרע, די גאַנצע ווירקליכקייט נאָר אַ פאָרשטעלונג; פון דער אַנדערער זייט אַנערקענט ער די עקזיסטענץ פון „דינג אַן זיך“, די עקזיסטענץ פון דער אויסען־וועלט, וואָס איז ניט קיין פאָרשטעלונג און וואָס רופט נאָך גראַדע ארויס די פאָרשטעלונגען. פון איין זייט ווייטער איז דאָס „דינג אַן זיך“ אונערקענבאַר; פון דער אַנדער זייט איז דאָס „דינג אַן זיך“ די איינציגע אורזאַכע פון אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען . . .

מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָבשטעלען גענויער אויף די ווידערשפּרוכען אין קאַנט׳ס לעהרע; ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דער דואַליזם פון „דינג אַן זיך“ און פאָרשטעלונג האָט געטריבען צום ווייטערען דענקען. די ענטוויקלונג האָט געקאָנט געהען אין צוויי ריכטונגען: ענטוועדער מען נעהמט אָן, אַז אַלץ איז פאָרשטעלונג, אָדער מען אַנערקענט, אַז די פאָרשטעלונג אַליין געפינט זיך אויך אין אַ געוויסען צוזאַמענהאַנג מיט׳ן „דינג אַן זיך“; ענטוועדער די פאָרשטעלונגען זיינען פּראָדוקטען פון דער ווירקליכער וועלט, אָדער די וועלט איז נאָר אַ סוב־

*) טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם — קאַנט׳ס שטאַנדפונקט, לויט וועלכען די פערנונפט גיט די פאָרמען, וואו עס גיסען זיך, אַזוי צו זאָגען, אַריין די אויסערע ערשיינונגען.

יעקטיווער פּראָדוקט פון אונזערע פאָרשטעלונגען.

פאַר פּיכטע'ן איז דאָס „דינג אַן זיך" אַליין נאָר אונזער פאָרשטעלונג וועגען אַ „דינג אַן זיך". דאָס „דינג אַן זיך" איז אַלזאָ „אַן אונדינג", ד. ה. אונזין.

אַזוי קומט פּיכטע צום סוביעקטיווען אידעאַליזם. דאָס „דינג אַן זיך" מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל בעזייטיגט ווערען. די אמת'ע פרייהייט קאָן בעגרינדעט ווערען נאָר דאַן, ווען מען אנערקענט די אַבסאָלוטע זעלבסטשטענדיגקייט פון אונזער גייסט און זיין פאָלשטענדיגע אונאַבהענגיגקייט פון דער אביעקטיווער אויסערליכער וועלט...

* * *

אין אונזער ערפאהרונג, אין אונזער בעוואוסטזיין געפינען מיר פאָרשטעלונגען פון זאַכען און געגענשטאַנדען. ווי איז דאָס מעגליך? פון וואַנען נעהמען זיך אָט די פאָרשטעלונגען פון געגענשטאַנדען? און פּיכטע ענטפערט דערויף, אַז אַלץ, וואָס מיר געפינען אין אונזער בעוואוסטזיין, איז נאָר אַ פּראָדוקט פון אונזער אייגענעם גייסט, פון זיין אייגענער טהעטיגקייט. דאָס „איך" שאַפט די וועלט.

דאָס „איך", דער סוביעקט איז שטענדיג פערבונדען מיט אַ „ניט־איך", ד. ה. מיט אַן אָביעקט. איינס איז ניט מעגליך אָהן דעם צווייטען. אָהן אַ סוביעקט איז ניט פאַרהאַן קיין אביעקט, ווי אָהן אַן אָביעקט איז ניט פאַרהאַן קיין סוביעקט. דער סוביעקט און אביעקט, דאָס „איך" און „ניט־איך" זיינען שטענדיג אָנגעוויזען איינע אויף די אַנדערע; זיי זיינען באמת צוויי עקען פון איין שטעקען. ניט דער סוביעקט, אָדער דאָס עמפּירישע „איך" עקזיסטירט פאַר זיך, זעלבשטענדיג און ניט דער אביעקט, דאָס „ניט־איך" (די נאַטור) עקזיסטירט אַבסאָלוט, אַן זיך. אַזוי בעשטימען און בעגרענצען זיך געגענזייטיג דאָס „איך" און דאָס „ניט־איך", דאָס בעוואוסטזיין און די נאַטור אָדער די וועלט. זייער עקזיסטענץ איז נור אַ רעלאַטיווע, אָבער ניט קיין אַבסאָלוטע. דאָס „ניט־איך" קאָן ניט זיין קיין פּראָדוקט פונ'ם עמפּיריישען אָדער ענדליכען „איך" און דאָס „איך" ווידער קאָן ניט זיין קיין פּראָדוקט פונ'ם „ניט־איך". ווי זשע בעזייטיגט מען דעם דואַליזם פון „איך" און „ניט־איך", סוביעקט און אָביעקט, פון בעוואוסטזיין און וועלט?

כדי צו לעזען די האַרבע פראַגע, איז פּיכטע געצוואונגען אָנצונעהמען, אַז אויסער דאָס עמפּירישע אָדער ענדליכע „איך" עקזיסטירט נאָך אַ ריינעס אָדער אונענדליכעס „איך", אין וועלכען עס זיינען איינגעשלאָסען סיי דאָס עמפּירישע אָדער ענדליכע „איך", סיי דאָס „ניט־איך" אָדער די נאַטור. דאָס ענדליכע „איך" אָדער דאָס בעוואוסטזיין און דאָס „ניט־איך" אָדער די נאַטור זיינען צוויי אַטריבוטען פון איין סובסטאַנץ, (ווי דענקען און אויסדעהנונג ביי ספּינאָזא'ן), צוויי זייטען פון איין און דעמזעלבען אַבסאָלוטען אָדער אונענדליכען „איך", צוויי עקען פון איין און דעמזעלבען שטעקען. און פּיכטע האָט געשטרעבט צו בעווייזען, אַז די וואַהרהייט בעשטעהט ניט בעזונדער אין דעם עמפּירישען סוביעקט און ניט אינ'ם אָביעקט, נאָר אין דער איינהייט פון ביידע „אַטריבוטען", אינ'ם ריינעם „איך". דאָס עמפּירישע „איך" בעגרענצט און בעשטימט דאָס „ניט־איך"; דאָס „ניט־איך" בעגרענצט און בעשטימט דאָס „איך". ביידע בעשטימען זיך געגענזייטיג; ביידע עקזיסטירען צוזאַמען. זייער איינהייט בילדעט דאָס אַבסאָלוטע אָדער ריינע „איך", וועלכעס איז דער לעצטער גרונד און דער לעצטער קוואַל פון דער גאַנצער ווירקליכקייט, פון דער גאַנצער וועלט.

אין דעם ריינעם אָדער אַבסאָלוטען „איך" איז די וועלט אונז ניט געגעבען, ווי עטוואָס פאַרטיגעס, אונבעוועגליכעס. דאָס, וואָס די וועלט קומט אַרויס פונ'ם „איך", פון דער אַבסאָלוטער פערנונפט, איז אַ בעשטימטער ענטוויקלונגס־פּראָצעס. דאָס ריינע „איך" שאַפט דאָס ענדליכע אָדער עמפּירישע „איך" און „ניט־איך" דורך זיין שטענדיגע טהעטיגקייט. דאָס ריינע „איך" איז אַלזאָ ניט קיין מעטאַפּיזישעס זיין, נאָר אימאַנענטע טהעטיגקייט, אייביגעס ווערען, די וועלט־אָרדנונג איז ניט קיין פעסטע, פאַרטיגע אָדער אונפערענדערליכע; זי איז אַ פּראָדוקט פונ'ם „איך", פון זיין טהעטיגקייט און ענטוויקלונג. די טהעטיגקייט, דאָס ווערען, די ענטוויקלונג ווערט ביי פּיכטע'ן דאָס הויפּט־פּריציפּ פון דער וועלט, די איינציגע „אייגענשאַפט", די איינציגע דאַזיינס־פאָרם פונ'ם אַבסאָלוטען אָדער ריינעם „איך". „אַם אַנפאַנג וואַר די טהאַט", זאָגט פּיכטע. דאָס ריינע „איך" איז ריינע טהעטיגקייט, שטענדיגעס ווערען. אַזוי ווערט ביי פּיכטע'ן די גאַנצע וועלט צו שמאָלצען אין דעם געוואַלדיגען שמעלץ־טאָפּ, וואָס רופט זיך ריינעס אָדער אַבסאָלוטעס „איך" אָדער שטענדיגע אַבסאָלוטע טהעטיגקייט.

דער געדאַנקען וועגען דער וועלט־„סובסטאַנץ" אַלס אַבסאָלוטער טהעטיגקייט, דאָס פערוואַנדלען די וועלט פון זאַ־

כען, אין אַ וועלט פון *פּראָצעסען* — די אידעע האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע און איז בעזונדערס וויכטיג געווען שפּעטער פאַר דער אויסבילדונג פון דעם מאַרקסיזם.

אויב עס עקזיסטירט ניט קיין אַבסאָלוטע אייביגע אָרדנונג, אויב די גאַנצע וועלט געפינט זיך אין שטענדיגער ענטוויקלונג, איז דאָך קלאָר, אַז די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג איז אויך ניט קיין אייביגע, אַז די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג ענדערט זיך אויך. אַזעלכע אויספיהרונגען האָבען שפּעטער געמאַכט לאַסאַל און מאַרקס. זיי האָבען אנגעווענדעט דאָס ענטוויקלונגס־פּרינציפּ אויף די *געזעלשאַפט* און *געשיכטע* — לאַסאַל אין אידעאַליסטישער, מאַרקס אין מאַטעריאַליסטישער פאָרם.

פיכטע'ס ריינעס „איך" פערוואַנדעלט זיך ביי העגעל'ן אין דעם *אַבסאָלוטען גייסט*. איז דאָך דאָס ריינע „איך" אייגענטליך די אַבסאָלוטע פערנונפט, וועלכע „ווירקט" אין די אינדיווידועלע „איך"ס. מען דאַרף אונטערשיידען אין אונזער בעוואוסטזיין דאָס ענדליכע אָדער עמפּירישע „איך" פון דעם אונענדליכען אָדער ריינעם „איך". דאָס אונענדליכע אָדער ריינע „איך" איז דאָס *אַלגעמיינע* אין דעם אינדיווידועלען „איך".

העגעל האָט דאָס ריינע „איך" *אָביעקטיווירט*. ביי פיכטע'ן איז דאָס ריינע „איך" אַן אַבסטראַקטעס און אימאַנענטעס פּרינציפּ. ביי העגעל'ן האָט זיך פון דעם אַבסטראַקטען פּרינציפּ, פון דער אַבסטראַקטער אַבסאָלוטער פערנונפט ענטוויקעלט דער *לעבענדיגער „אַבסאָלוטער גייסט"*. די *וואַהרהייט* ענטפּלעקט זיך ניט אין דעם סוביעקט אָדער אָביעקט, נאָר אין דעם *לעבענדיגען פּראָצעס* פון דעם *אַבסאָלוטען גייסט*.

שטיצענדיג זיך אויף פיכטע'ס און בעזונדערס העגעל'ס פילאָזאָפיע, האָט לאַסאַל געשאַפען אַן *אידעאַליסטישע סאָציאַל־פילאָזאָפיע*.

מאַרקס איז אויך געווען אַ געוויסע צייט אַ העגעליאַנער. ער האָט אָבער שפּעטער איבערמעכטיגט דעם אידעאַליזם און איז איבערגעגאַנגען צום מאַטעריאַליזם. ער האָט פעראייניגט העגעל'ס דיאַלעקטיק מיט פייערבאַך'ס מאַטעריאַליזם. און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו שאַפען אַ *וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטס־לעהרע*.

לאַסאַל און מאַרקס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון צוויי פערשיעדענע שטאַנדפּונקטען. לאַסאַל איז געווען אַ *דיאַלעקטישער אידעאַליסט*. דערמיט ערקלערט זיך דער אונטערשיעד אין זייערע שטאַנדפּונקטען אויף פערשיעדענע פּראָבלעמען. דאָס איז דרך אגב.

דאָס ענטוויקלונגס־פּרינציפּ אין דער פילאָזאָפיע האָבען אַרויסגעשטעלט אַלזאָ פיכטע און העגעל. לאַסאַל און מאַרקס האָבען אָנגעווענדט דאָס פּרינציפּ אויף די *געזעלשאַפט* און *געשיכטע*. פיכטע און העגעל האָבען מיט זייער דיאַלעקטיק „רעוואָלוציאָניזירט" די פילאָזאָפיע. די „רעוואָלוציאָנערע פילאָזאָפיע" האָט געגעבען די מעגליכקייט צו *רעוואָלוציאָניזירען* די *מענשליכע געזעלשאַפט*.

* * *

מיר זיינען געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז דער וועלט־גרונד איז דאָס אַבסאָלוטע „איך" אָדער פערנונפט און אַז דאָס אַבסאָלוטע „איך" איז ריינע *טהעטיגקייט*. די וועלט ענטוויקעלט זיך פון דעם ריינעם „איך" אַלס זיין טהעטיגקייט. פרעגט זיך, ווי קומט פאָר דער ענטוויקלונגס־פּראָצעס? דער ענטוויקלונגס־פּראָצעס ווערט בעטראַכט אַלס אַ *דיאַלעקטישער פּראָצעס*. פיכטע איז אָבער ניט אימשטאַנד „געזעצמעסיג" צו ערקלערען אַלע מאָמענטען פון דעם דערמאָנטען פּראָצעס. פיכטע איז ניט אימשטאַנד *טהעאָרעטיש* צו בעגרינדען למשל די אויסען־וועלט, די נאַטור. דאָס ריינע „איך" איז דער אויסגאַנגספּונקט. דאָס איז דער ערשטער מאָמענט פונ'ם פּראָצעס. אין דעם ערשטען „מאָמענט" אָבער דאַרפען שוין, לויט דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, זיין ענטהאַלטען אַלס *מעגליכקייטען*, די איבעריגע מאָמענטען, וועלכע עס *„וויקלען זיך אויס"* פון דעם ערשטען אין פערלויף פון דעם פּראָצעס. אין דעם ריינעם „איך" דאַרף זיין איינגעשלאָסען די מעגליכקייט פון דער *נאַטור* אַלס אַ געוויסע ענטוויקלונגס־שטופע.

— וואָס זשע זעהען מיר ביי פיכטע'ן?

אויף דער ערשטער שטופע דענקט דאָס „איך" זיך אַליין; דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס ס'איז אונז געגעבען. *דאָס איך*, *הייסט עס ביי פיכטע'ן*, *„זעצט דאָס איך"*, זעצט זיך אַליין. אין אונזער בעוואוסטזיין געפינען מיר אָבער אויך אַ „ניט־איך", די נאַטור, אָביעקטען. אַזוי בעקומען מיר דעם צווייטען גרונדזאַץ אָדער די צווייטע ענטוויקלונגס־שטופע: *דאָס איך זעצט דאָס ניט־איך*. דאָס „איך" און דאָס „ניט־איך", דאָס בעוואוסטזיין און די נאַטור זיינען נאָר מאָמענטען אין דעם ענטוויקלונגס־פּראָצעס פונ'ם אַבסאָלוטען איך, זיי זיינען נאָר אַ רעזולטאַט פון זיין טהעטיג־

קייט. אזוי ווי דאָס „איך“ איז שטענדיג בעגרענצט פונ׳ם „ניט־איך“ און דאָס „ניט־איך“ עקזיסטירט ניט אָהן דעם סוביעקט, אָהן דעם איך, בעקומען מיר די פעראייניגונג אָדער דעם סינטעז: *דאָס ריינע אָדער אונענדליכע „איך“ שאַפט אַ בעגרענצטעס אָדער ענדליכעס „איך“ אַלס אַ געגענזאַץ פון דעם בעגרענצטען „ניט־איך“.*

פרעגט זיך, צי איז טאַקי דאָס „ניט־איך“ אַ לאָגיש נויטווענדיגער מאָמענט אין דעם ריינעם איך? פיכטע האָט דאָס ניט געקאָנט בעווייזען, ווייל ס׳איז לחלוטין אונפערשטענדליך, צו וועלכען צוועק דאָס אבסאָלוטע „איך“ דאַרף זיך שאַפען אַ „ניט־איך“, אַן אויסען־וועלט, אַ נאַטור. פאַר וואָס זאָל זיך דאָס אבסאָלוטע „איך“ ניט בעפרידיגען מיט זיך אַליין, מיט איהר אייגענעם זיין אָדער טהעטיגקייט? *טהעאָרעטיש*, מיט איין וואָרט, קאָן פיכטע די אויסען־וועלט ניט ערקלערען. כדי צו בערעכטיגען די עקזיסטענץ פון דעם „ניט־איך“, פון דער נאַטור איז פיכטע געצוואונגען זיך צו ווענדען צו דער „*פראַקטיקע*“, אָדער ריכטיגער געזאָגט צו דער *עטיק*. די עקזיסטענץ פון דער נאַטור האָט פאַר פיכטע׳ן נאָר אַן *עטישע בעדייטונג*. כל זמן מיר „פילאָזאָפירען“ קאָנען מיר לייקענען די עקזיסטענץ פון אַן אָביעקטיווער וועלט. *טהעאָרעטיש* איז אַלזאָ דער סוביעקטיווער אידעאַליזם בעגרינדעט און בערעכטיגט. אַלס „*פראַקטיקער*“ אָבער קאָנען מיר זיך אָהן דער אביעקטיווער ווירקליכקייט ניט בעגעהען און מוזען אנערקענען איהר עקזיסטענץ. דאָס „ניט־איך“ עקזיסטירט אַלזאָ אויף אַזוי פיעל, אויף פיעל מיר זיינען *טהעטיגע* האַנדעלנדע סוביעקטען, אָבער ניט קיין *טהעאָרעטישע*, ערקענענדע. טהעאָרעטיש איז די אויסען־וועלט מעהר ניט, ווי אַ פאָרשטעלונג. זי בעקומט רעאַליטעט ערשט דאַן, ווען מיר הייבען זיך אָן *פראַקטיש* צו דער וועלט פערהאַלטען. די וועלט ווערט בעשאַפען פונ׳ם „איך“ — אַלס אַ גרענעץ פון זיין טהעטיגקייט. און די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט איז אייגענטליך נאָר אַ מאַטעריאַל פאַר אונזער *זיטליכער טהעטיגקייט*.

דער סוביעקטיווער אידעאַליזם גאַראַנטירט די אבסאָלוטע זעלבשטענדיגקייט פון אונזער גייסט, אונזער אונאַבהענגיגקייט פון דער אויסערליכער מאַטעריעלער וועלט און דערמיט שוין אויך אונזערע *פרייהייט*. די אויסערליכע וועלט מיט איהר אינערליכער נויטווענדיגקייט בעשרענקט אונזער ווילען און אונזער פרייהייט. די מאָראַלישע פערזענליכקייט מוז געניסען אבסאָלוטע פרייהייט, כדי זי זאָל האָבען די מעגליכקייט צו פערווירקליכען איהרע אידעאַלען. די מאַטעריעלע וועלט איז דעריבער דאָס מאַטעריאַל, פון וועלכען די אויטאָנאָמעטישע פערזענליכקייט שאַפט פריי די אידעאַלע אָרדנונג. די מאָראַלישע פערזענליכקייט שטרעבט צו בעהערשען די נאַטור־אָרדנונג און צו שאַפען פון איהר אַ מאָראַלישע וועלט־אָרדנונג. בעהערשען אָבער די נאַטור קאָנען מיר נאָר אין דעם פאַל, אויב מיר אנערקענען איהר פאַר אַ פאָרשטעלונג פון אונזער בעוואוסטזיין.

אונזער אויפגאַבע איז צו פערווירקליכען דאָס מאָראַלישע געזעץ, איבערצואַרבייטען די זינליכע אָדער מאַטעריעלע וועלט אין אַ פערנינפטיגע אָדער גייסטיגע. איז דאָך דאָס ריינע „איך“ אָדער די פערנונפט דער לעצטער גרונד פון דער גאַנצער וועלט. די אבסאָלוטע פערנונפט דאַרף אויך הערשען איבער דער מאַטעריעלער וועלט. דאָס אינדיווידועלע „איך“ איז אַ פראָדוקט פון דעם ריינעם „איך“ אָדער פון דער אבסאָלוטער פערנונפט און די העכסטע אויפגאַבע פון דעם אינדיווידועלען „איך“ איז צו פערווירקליכען דאָס געזעץ פון דעם ריינעם „איך“.

יעדע וויסענשאַפט האָט פאַר פיכטע׳ן סוף כל סוף נאָר אַן עטישע בעדייטונג. דער מאָראַלישער אינטערעס דאַרף בעשטימען אונזער טעאָרעטישע וועלט־אַנשויאונג. אַזוי זיינען ענג פערבונדען די טעאָרעטישע און פראַקטישע פערנונפט.

קאַנט׳ס *קריטישער אידעאַליזם* געהט איבער ביי פיכטע׳ן אין דעם *סוביעקטיווען אידעאַליזם*, אויף פיעל עס ווערט בעזייטיגט דער דואַליזם פון פאָרשטעלונג און „דינג אַן זיך“: די גאַנצע וועלט איז נאָר פאָרשטעלונג, דאָס דינג אַן זיך אַליין איז מעהר ניט, ווי אַ *פאָרשטעלונג וועגען* אַ „דינג אַן זיך“. די פאָרשטעלונג וועגען אַ דינג אַן זיך, וועגען אַן אויסערליכער וועלט שאַפט אונזער אייגענער „איך“ אַלס די גרענעץ פון זיין טהעטיגקייט. דאָס דינג אַן זיך איז אַלזאָ נאָר אַ *גרענעץ־בעגריף*.

פיכטע בעזייטיגט ווייטער קאַנט׳ס דואַליזם צווישען דער טהעאָרעטישער און פראַקטישער פערנונפט. די טהעאָרעטישע פילאָזאָפיע ווערט אין גאַנצען אבהענגיג געמאַכט פון דער פראַקטישער. די טהעאָרעטישע פערנונפט ווערט אונטערגעוואָרפען דער פראַקטישער פערנונפט. „*קיין וויסען*, זאָגט פיכטע, *אָהן געוויסען*“.

אַזוי איז דער *סוביעקטיווער אידעאַליזם* גלייכצייטיג *עטישער אידעאַליזם*. די וואהרע ערקענטניס איז אייגענטליך אַ מאָראַלישע, זיטליכע פאָדערונג.

ווער עס שטרעבט צו וואהרהייט, דער דארף זיין זיטליך. און אומגעקעהרט, נאָר די מאָראַלישע פערזענליכקייט ערקענט די וואהרהייט. די נאַטור־געזעצען און די עטישע נאָרמען זיינען ניט קיין צוויי פערשיעדענע אָרדנונגען. די נאַטור־געזעצען זיינען אין אַ געוויסען זין גלייכצייטיג עטישע נאָרמען. אָדער ריכטיגער געזאָגט, די נאַטור־געזעצען זיינען אונטערגעוואָרפען דער מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג, די עטישע נאָרמען. די מאָראַלישע וועלט־אָרדנונג איז גלייכצייטיג אויך די נאַטור־אָרדנונג. די נאַטור־אָרדנונג איז מאָראַליש; די מאָראַלישע אָרדנונג איז נאַטירליך. דאָס וויסען און געוויסען האָבען איין און די זעלבע קוועלע, האָבען איין און דעמזעלבען וואָרצעל: דאָס „איך“.

דער שטרענגער מאָראַליזם פון פיכטע'ס וועלטאנשויאונג איז ווייטער ענג פערבונדען מיט דעם אייגענאַרטיגען מאָראַלישען צוג פון זיין גאַנצער פערזענליכקייט.

די האַנדלונגען פון דעם מענשען דארפען איהם פיהרען צו פולער גייסטיגער פרייהייט. דורך די זיטליכע האַנדלונגען ווערט אין דעם ענדליכען עמפּירישען „איך“ פערווירקליכט דאָס אונענדליכע „איך“. אַזוי איז דאָס ענדליכע „איך“ אַ מיטעל פון דעם אונענדליכען „איך“, וועלכער פערווירקליכט זיינע העכסטע ציעלען אין דער עמפּירישער וועלט. די איינצעלנע אינדיווידוען האָבען אַלזאָ איין צוועק: צו פערווירקליכען די אידעע פון דער ריינער פערנונפט, די אידעע פון דעם ריינעם „איך“.

דער אינדיווידואַליזם ווערט ביי פיכטע'ן פעראייניגט מיט דעם אוניווערסאַליזם. דער מענש, דאָס אינדיווידואום איז דער טרעגער פון דער אוניווערסאַלער פערנונפט, וועלכע איז אין אַלע מענשען גלייך. אין דער פערנונפט אָדער דעם ריינעם „איך“ ווערט דערגרייכט די אַבסטראַקטע גלייכהייט און איינהייט פון אַלע אינדיווידוען.

די פערנונפט איז אין יעדען איינצעלנעם מענשען אָבער נאָר טיילוויז פערווירקליכט. די געמיינשאַפט אָבער, די מענשהייט איז דער זינליכער אויסדרוק פון דער פערנונפט. די מענשהייט שטעלט פאָר אין דער פיזישער וועלט די איינהייטליכע און גאַנצע פערנונפט. דער איינצעלנער, ענדליכער מענש קאָן קיינמאָל ניט פערווירקליכען פאָלשטענדיג די צוועקען פון דער פערנונפט. דאָס איז אָבער יאָ אימשטאַנד צו רעאַליזירען די גאַנצע אָרגאַניזירטע מענשהייט. די אַבסאָלוטע פערנונפט אָדער דאָס ריינע „איך“ רעאַליזירט אַלזאָ איהרע העכסטע ציעלען אין דער געזעלשאַפט און דורך די געזעלשאַפט.

אַזוי פעראייניגט פיכטע דעם אינדיווידואום מיט דער אַלגעמיינהייט, דעם מענשען מיט דער מענשהייט, דעם אינדיווידועלען „איך“ מיט'ן קאָלעקטיווען „איך“.

שטיצענדיג זיך אויף די „וויסענשאַפטסלעהרע“, שטרעבט פיכטע אויסצואַרבייטען ספּעציעלע נאָרמען פאַר אונזער סאָציאַלען לעבען. אונזערע רעכט, ווי אונזערע פפליכטען ווערען בעשטימט דורך דעם גרונדבעגריף, וואָס בילדעט דעם פונדאַמענט פון פיכטע'ס וועלט־אַנשויאונג — די פרייהייט. די מענשען דארפען בעהאַנדלען איינע די אַנדערע, ווי פרייע בעשעפענישען, ווי פרייע פערזענליכקייטען. כדי צו זיכערען יעדען מענשען זיין פרייהייט, פאָדערט זיך אַ „רעכטס־געמיינשאַפט“. אַלס פרייע מענשען האָבען אַלע דיזעלבע רעכט אויף די אויסערליכע וועלט. די אויפגאַבע פון דעם שטאַאַט איז צו זיכערען יעדען בירגער זיין רעכט און פרייהייט. בירגער קאָנען, לויט פיכטע'ס מיינונג, זיין נאָר די יעניגע, וואָס האָבען אייגענטום. אַזוי אָבער ווי קיין מענש קאָן ניט אויסגעשלאָסען ווערען פון דער רעכטס־געמיינשאַפט, דארפען אַלע בירגער זיין אייגענטימער. פיכטע איז מסכים, אַז דער שטאַאַט דארף שיצען דאָס אייגענטום. פריהער אָבער דארף דער שטאַאַט יעדען פערזאָרגען מיט אייגענטום; דער שטאַאַט דארף יעדען געבען דאָס, וואָס עס קומט איהם לויט זיין רעכט. און פיכטע שטעלט אַרויס צוויי וויכטיגע פאָדערונגען: דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ און דאָס רעכט אויף אַרבייט.

יעדער מענש האָט דאָס רעכט צו לעבען, האָט דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ. האָט דער מענש דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ, דארף דער שטאַאַט איהם אויך געבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען. דער שטאַאַט דארף געבען יעדען בירגער די מעגליכקייט צו לעבען פון זיין אַרבייט. דער שטאַאַט דארף בכלל זאָרגען דערפאַר, עס זאָלען ניט זיין אָרעמע און קיין לעדיג־געהער. פריהער דארפען בעפרידיגט ווערען די עלעמענטאַרע לעבענס־בעדערפנישען פון אַלע בירגער, דערנאָך ערשט קאָן מען קלערען וועגען „לוקסוס“. די עלעמענטאַרע לעבענסבעדערפנישען דארפען גלייך בעפרידיגט ווערען. דער שטאַאַט מוז זאָרגען, עס זאָלען זיין גענוג לעבענסמיטלען פאַר אַלעמען. „איידער איינער קליידעט זיך פּרעכטיג, דארפען פריהער אַלע בעקוועם און וואַרעם געקליידעט זיין“. איידער איינער ערלויבט זיך וועלכען עס איז לוקסוס, דארפען פריהער אַלע

זאַט זיין און בעקוועמע וואוינונגען האָבען...

דער שטאַאט האָט אַלזאָ גרויסע קולטורעלע און מאָראַלישע אויפגאַבען. דער שטאַאט דאַרף געבען יעדען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיין פערזענליכקייט. דאָס לעצטע ציעל פון'ם שטאַאט איז די זיטליכקייט. די זיטליכקייט פעראייניגט דאָס גאַנצע מענשען־געשלעכט אין איין אָרגאַניזם. די זינליכע וועלט ווערט פערוואַנדעלט אין אַ זיטליכע וועלט. די גאַנצע וועלט איז בערעכטיגט נאָר אלס אַן עטישער פענאָמען, אלס אַ זיטליכער אָרגאַניזם.

אזוי איז די פרייהייט, קולטור און זיטליכע ענטוויקלונג דער אמת'ער זין פון דעם גאַנצען היסטאָרישען (ווי אויך קאָסמישען) פּראָצעס. דער שטאַאט איז נאָר אַ מיטעל, וואָס גיט אונז די מעגליכקייט אויסצובילדען און צו פערווירקליכען די אידעאַלע אָדער פאָלקאָמענע זיטליכע געזעלשאַפט. אין דער אידעאַלער געזעלשאַפט ווערט רעאַליזירט די פערנונפט און איהרע העכסטע צוועקען. די מאָראַלישע וועלט־אָרדנונג פערווירקליכט זיך אין דער זיטליכער געזעלשאַפטס אָרדנונג . . . דער קאַמפף פאַר קולטור איז אונזער פפליכט . . .

* * *

דער קלאַסישער דייטשער אידעאַליזם האָט אלס די העכסטע אידעאַלען ארויסגעשטעלט די פרייהייט און זיטליכע ענטוויקלונג. ביי פיכטע'ן ספּעציעל געפינען מיר נאָך די אידעען וועגען סאָציאַלער „גערעכטיגקייט". דער קאַמפף פאַר פרייהייט, דער קאַמפף פאַר קולטור ווערט די הויפּט־אויפגאַבע פון דער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע. דער קאַמפף אָבער איז נאָך אַליין אַ ריין גייסטיגער; דער קאַמפף ווערט געפיהרט ריין אבסטראַקט, „אין דער אידעע". די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט רעוואָלוציאָניזירט די גייסטער, זי האָט אויפגעהויבען וויכטיגע פּראָבלעמען און האָט זיי געלעזט ריין טהעאָרעטיש. דער קלאַסישער אידעאַליזם איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ בעשטימטער צייט, פון אַ בעשטימטער ווירקליכקייט.

ס'איז אָבער קיין ספק ניט, אַז די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט ווידער פון איהר זייט געווירקט אויף די דייטשע ווירקליכקייט. — די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט מיט איין וואָרט מיטגעהאָלפען צו רעוואָלוציאָניזירען די ווירקליכקייט, וועלכע האָט שוין אַזוי אויך געמאַכט גרויסע ערפאָלגען, וועלכע האָט זיך שוין אָנגעהויבען בכלל שטאַרק צו ענטוויקלען.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט די דיאַלעקטיק פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג שוין געבראַכט אַזוי וויית, אַז די פראַגען, וואָס זיינען אויפגעהויבען געוואָרען פון דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע אין אַ ריין אַבסטראַקטער פאָרם, זיינען געשטעלט געוואָרען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דער ווירקליכקייט אַליין. די פראַגען זיינען פון אבסטראַקטע פּראָבלעמען געוואָרען קאָנקרעטע פּראַקטישע לעבענס־בעדערפענישען. עס האָבען זיך אויסגעבילדעט די געזעלשאַפטליכע קרעפטען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו קעמפפען פאַר פרייהייט און קולטור אין דער ווירקליכקייט. צוזאַמען מיט די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער ווירקליכקייט, האָבען זיך ווידער געענדערט די טהעאָרעטישע וועלט־אַנשויאונגען. די רעוואָלוציאָנערע ווירקליכקייט האָט געבאָרען אַ רעוואָלוציאָנערע און וויסענשאַפטליכע וועלטאַנשויאונג — דער מאַרקסיזם. די הויפּט־אידעען פון דער קלאַסישער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע זיינען „איבערגעאַרבייט" געוואָרען אויף אַ קאָנקרעטען און וויסענשאַפטליכען אופן אין דעם מאַרקסיזם.

און דעריבער איז ענגעלס גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דער אמת'ער יורש פון דער דייטשער קלאַסישער פילאָזאָפיע איז דאָס פּראָלעטאַריאַט.

דאָס פּראָלעטאַריאַט איז, אַלס היסטאָרישער יורש פון דער גאַנצער בירגערליכער קולטור בכלל, געוואָרען דער איינציגער קעמפפער פאַר פרייהייט, גלייכהייט און „זיטליכקייט", דער איינציגער קעמפפער פאַר אַ העכערער קולטור. און אין דעם זין רעאַליזירט דאָס פּראָלעטאַריאַט אויף די צוואה פון דעם גרויסען „פייערדיגען" פיכטע'ן.

ל. קאָבּרין

טהיר נומער 3

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)

8.

מען האָט א קלאַפּ געטהאָן אין די טהיר. מייביל האָט זיך פון דער זאָפע ראַפּטאָם א כאַפּ געטהאָן, שיעור זיך ניט ארונטערגעקייקעלט, איז צוגעלאָפען צו דער טהיר און זי געעפענט. בעני איז אריין פערשוויצט מיט דעם שטרויענעם הוט אין די הענד, מיט א ווייס טיכעל ארום האַלז, הינטער׳ן קראַגען פערדרוקט. ער איז אריין אין דעם זייטיגען צימער און באַלד ווידער פון דאָרט ארויס אָהן א רעקעל און הוט מיט א פערהאַוועטער מינע אויף זיין רונדען, ווייסען, ריין־גראַזירטען פּנים, אויף וועלכען עס איז געלעגען א בעזונדערער אויסדרוק פון עפּעס א מין פערכער מענערשער ענטשלאָסענהייט. דער דאָזיגער אויסדרוק איז אויך געלעגען אין זיינע קאַרע, שטעכיגע, דורכדרינגענדע אויגען און אין יעדער בעוועגונג, אין יעדען ריהר, האָט זיך געדאַכט, פון זיין שלאַנקען, שטאַרקען און בויגיגען קערפּער, ווי ביי אַן אַקראָבאַט.

ער האָט ארונטערגעצויגען דאָס טיכעל פונ׳ם האַלז, ארומגעווישט זיך דעם שטאַרקען נאַקען פון הינטען, ארום די קורצע, רונדע און עקשנות׳דיגע מאָרדע, ווי אַ בולדאָג, דערנאָך באַק־ארוף ביז׳ן שטערען, אויף וועלכען עס איז ארונטערגעהאַנגען א שווערער לאָקען פון שוואַרצע, גלאַנציגע האָאר. דערנאָך האָט ער צושפּיעלעט דעם ווייכען קראַגען פון דעם ווייסען זיידענעם העמד, פערקאַטשעט הויך ביידע אַרבעל איבער די האָאריגע אַרעמס, א וואָרף געטהאָן זיך אויף די זאָפע, פערלעגט ביידע אַרעמס הינטער׳ן נאַקען און געזאָגט:

— אָי, מיעד!...

— פּאור באָי! — האָט מייביל זיך אָנגערופען און זיך געזעצט נעבען איהם.

— פאַרוואָס טהוסטו זיך ניט אָן?

— עס איז נאָך גענוג צייט. די מיידלעך זיינען נאָך אויך ניטאָ.

— זיי וועלען היינט קומען שפּעטער. איך האָב זיי געהייסען קומען נאָך אכט. אפּריהער וויל איך פאַרטיג ווערען מיט דער רויטער. ביז נאָך אכט זאָל מען קיינעם אהער ניט אריינלאָזען, אויסער טשאַרלי׳ן.

— ווידער טשאַרלי?

— הי איז דהי אָנלי מען... — דער איינציגער מאַן פאַר אזוינע זאַכען. שטענדיג איז ער דער ערשטער אונבעקאַנטער, וועלכער געהט מיט מיינער א מיידעל. ער בעצאָהלט גוט און איז א גוטער טריף־מאַכער...

— וויים די רויטע, וואָס דו ווילסט פון איהר?

— אַווקאָס. שוין זייט א וואָך, ווי זי וויסט, ווער איך בין און ווער דו ביזט... אפּריהער, ווען זי האָט זיך דאָס דערוואוסט, האָט זי גאַנצע הויפענס האָאר זיך פונ׳ם קאָפּ אויסגעריסען, שיעור ניט גע׳חלש׳ט, געוויינט, געזאָגט, אַז זי וועט ניט לעבען, וועט זיך פערגיפטען — זי האָט געמיינט, פערשטעהסטו מיך, אַז איך וועל מיט איהר חתונה האָבען. איצט אָבער רעדט זי דאָס שוין מעהר ניט. זי בעט מיך נור, אַז איך זאָל בלויז איין יאָהר מיט איהר זיין און דערנאָך וועט זי שטאַרבען. דו וואָלסט זעהן, ווי זי קומט צו מיר, ווען איך בעשטעל זי ערגעץ אין א האָטעל. ווי א נאַכטוואַנדלערין אויף א מואווינג פּיקטשור בעוועגט זי זיך, די אויגען אזוי מאָדנע אויסגעגלאַנצט אויף מיר...

— אויב אזוי, קען זי מיט אַן אַנדערען נאָך ניט וועלען געהן?

— זי וועט מוזען וועלען. נעכטען האָב איך געהאַט טשאַרלי׳ן מיט זיך אינ׳ם האָטעל. זי האָט מיר אָבער די הענד געקושט, איך זאָל דאָס אָבלעגען אויף היינט. האָב איך פון איהר פערלאַנגט, אַז זי זאָל היינט קומען אום זעקס און דוקא אהער...

— בעני, וואָלט ניט בעסער געווען ערגעץ אַנדערש. זי וואוינט דאָך אין דעם הויז?

— ווייל זי האָט מיך נעכטען ניט געפאָלגט, וויל איך דוקא אין דעם הויז. און דאָ איז די אַלטע אויך דאָ, טאָמער דאַרף מען זי נאָך איינריידען. די אַלטע מיט איהרע גוטע רייד קען פיעל ארויסהעלפען...

— זי וועט ניט קומען בעני! — האָט

פּלוצים מייביל געזאָגט מיט א זיכערקייט אינ'ם קול און א מאַך געטהאָן מיט'ן שוואַרצען קאָפּ.

— זי וועט יאָ קומען. וויפיעל איז דער זייגער?

ער האָט ארויסגענומען א קליין זייגער'ל פון א זייטיגער קעשענע און א קוק געטהאָן:

— באַלד זעקס. איך וועט, אז זי וועט זיין.

מיסעס גוטמאַן איז אריינגעקומען מיט'ן טייטש־הומש אין די הענד, האָט איהם א קוש געטהאָן און בעהאַלטען אין א שופלאָד פון דער קאַמאָדע, וואו עס איז געלעגען איהר ציערונג, איהר געלד, איהר סידור, איהר מחזיר און איהר תחינה.

— זיינען דאָ א פּאָאר פלעשער שאַמפּאַניער פאַר דעם היינטיגען טריפה'ן יום־טוב? — האָט בעני זיך צו איהר געווענדט.

— דאָ — האָט זי געענטפערט.

— מייביל — האָט ער זיך דאַן ווידער געווענדעט צו איהר — נעהם ארויס די בילדער. דו וועסט איהר ווייזען — דאָס העלפט אויך.

מייביל איז צוגעלאָפען, דרעהענדיג מיט די היפטען, צו דער זעלביגער קאַמאָדע, וואו עס זיינען געלעגען דער סידור, דער מחזיר, דער טייטש־הומש און די תחינה, און האָט פון אַן אַנדערען שופלאָד ארויסגעשלעפּט א פּעקעל שמוציגע בילדער, וועלכע מען האָט אין דעם דאָזיגען הויז געוויזען עלטערע מענשען, כדי די „ליעבע" אין זיי צו ערוועקען.

זי האָט דאָס פּעקעלע צוגעטראָגען צו בעני'ן און עס איהם אונטער זיין צו־קאָפּענס אַוועקגעלעגט.

— זי וועט ניט קומען — האָט זי ווידער געזאָגט.

— זי וועט יאָ קומען. דו ווילסט זיך וועטען? — האָט ער געענטפערט.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אריינגעמישט:

— מיר דאַכט זיך, אז מיר וועלען פון איהר צרות האָבען. עפּעס געפעלט זי מיר ניט, די רייטע ברכה'קע. איצט איז זי נאָך אביסעל „אפּאָכמעליעט" פון דיר, אָבער זי קען זיך נאָך אַטשוכען... איך האָב שוין גענוג געזעהן אזוינע זאַכען אויף מיין לעבען.

— נעווער מיינד, אַלטע, זי וועט שוין זיין אָללרייט, גלויב מיר. אַז איך זאָל איהר הייסען אין פייער שפּרינגען, וועט זי דאָס מוזען טהאָן. דו געדענקסט, ווי די קליינע רחל'ע האָט מיך געליעבט? זי, די רויטע, ליעבט מיך נאָך מעהר. דו וואָלסט געזעהן, ווי זי האָט מיר נעכטען די הענד געקושט...

— בעני, א גדולה אויף דיר. עס זיינען פאַרהאַן מיידלאַך, וואָס זיינען ווי די בייזע הינט: זיי לעקען די הענד זייערע בעלי בתים און בייסען די הענד פרעמדע. עס קען גרייליך זיין, אז די רויטע איז אויך אזאַ. און מיר דאַרפען דאָך זי זאָל קושען די הענד פרעמדע. נישט אזוי, א גדולה אויף דיר?

— עס וועט שוין זיין אָללרייט, אַלטע, גלויב מיר. אָבער פאַרוואָס איז זי נאָך ניטאָ?

— האָט ער זיך אונטערבראָכען מיט אונגעדולד — אַלע מאָל איז זי געוועזן צו דער מינוט?...

— זי וועט ניט קומען — האָט מייביל ווידער געזאָגט.

— אַי סטאַפּ! — האָט בעני זיך א בייזער געטהאָן אויף איהר און זיך אויפגעזעצט אויף דער זאָפע.

זי האָט שטיל און צושראָקען א לאַך געטהאָן אין זיך און איז אַנשוויגען געוואָרען. עס איז קענטיג געווען, אַז זי האָט פאַר איהם מורא געהאַט.

נאָך א פערטעל שטונדע איז פאַראיבער, זי איז ניט געווען. בעני איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דער זאָפע און האָט אויפגערעגט גענומען שפּרייזען איבער'ן צימער. מייביל האָט זיך עפּעס גע'סוד'עט מיט מיסעס גוטמאַן. איצט, ווען בעני איז אויפגערעגט געווען, האָט מייביל מורא געהאַט מיט איהם צו ריידען.

מען האָט א קלאַפּ געטהאָן אין די טהיר. בעני האָט געעפענט. טשאַרלי איז אריין.

ער איז געווען אַ נידריגער, שטאַרק־געבויטער מאַן, א יאָהר פערציג אַלט, מיט ברייטע פּלייצעס, צווישען וועלכע זיין קורצער דיקער האַלז האָט זיך קוים אַרויסגעזעהן אַזוי, דאָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיין גרויסער בלאָנדער קאָפּ איז געלעגען אויף די סאַמע אַקסלען, מיט א ברייטער מעכטיגער ברוסט, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט, און א ברייטען, רויטען, ריין־געראַזירטען פּנים, אויף וועלכען עס איז געזעסען א רויטע, פּלאַציגע נאָז, און קליינע שמייכלענדיגע אויגעלאַך זיינען פלינק אַרומגעלאָפען אונטער א שמאָלען שטערן. ער איז אריינגעגאַנגען, קאַטשענדיג זיך אויף זיינע קורצע, דיקע פיס און וואַרפענדיג מיט זיינע קורצע דיקע ארמס. געווען איז ער אָנגעטהאָן מעשה פראַנט, אין א טהייערען העלען אנצוג מיט א בלום אינ'ם לאַטיז, אין אַ פּאַנאַמאַ־הוט און לאַקירטע שיך.

— העללאָ! — האָט ער געזאָגט מיט א באַסאָווער שטימע — הײם!...

און בעמערקט, אַז בעני איז אויפגערעגט, האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז דער מעהר, בעני?

— זי איז נאָך ניטאָ.

— די רויטע?

בעני האָט א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

- דו דענקסט, אַז זי וועט ניט קומען?

בעני האָט א דריק געטהאָן די אַקסלען און אויסגעשטרעקט צו איהם די האַנד:

- גיב מיר א סיגאַר.

זיי האָבען ביידע פערוויכערט. טשאַרלי

האָט אַרונטערגעוואָרפען דעם ראָק און הוט, זיך
געזעצט אויף די זאָפע מיט'ן סיגאַר אין'ם מויל,
אויסגעשטעלט זיין דיקע קורצע קניע אין פּאַר־
אויס, א פּאַטש געטהאָן איבער איהר מיט דער
האַנד, אויף וועלכער עס האָט געבלישצעט א
רינג מיט א גרויסען בריליאַנט, און א רוף גע־
טהאָן מייביל'ן:

— קום אַהער, דאַרלינג! . . .

זי האָט זיך געזעצט ביי איהם אויף דער
אויסגעשטעלטער קניע.

— שוין לאַנג דיך ניט געזעהן, טשאַרלי —
האָט זי זיך אָבגערופען און איהם א גלעט גע־
טהאָן איבער די בלאָנדע האָאַר אויפ'ן קאָפּ.

זיינע שמייכלענדיגע, קליינינקע און פלינק־
אַרומלויפענדיגע אויגעלאך, ווי ביי א ראַט, האָ־
בען זיך אָבגעשטעלט אויף איהר און ער האָט
געזאָגט:

— אַט ווען די רויטע וועט ניט קומען, ווע־
לען מיר זיך היינט זעהען.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעה־
לען, ווי ניט „לאַקי", ניט מזל'דיג ער איז געווען
די לעצטע נאַכט אין קאָרטען (דאָס איז געווען
זיין ערשטע און הויפּט־פּראָפעסיאָן). דאַן האָט
ער גערעדט וועגען די אַרעסטירטע מיידלאך און
בעל הבית'טעס, פאַר וועלכע ער האָט אין די
לעצטע פאָאַר וואָכען „בייל" געגעבען (דאָס איז
געווען זיין צווייטע פּראָפעסיאָן). צולעצט האָט
ער גענומען ריידען פון געוויסע פּאָליטישענס
און פּאָליס־לייט, מיט וועלכע ער איז בעפריינ־
דעט געווען, און וועגען געוויסע באַנדיטען פון
דעם אידישען קוואַרטאַל, מיט וועלכע ער איז
אויסגעבונדען געווען.

דערווייל איז געוואָרען 7 און ברכה איז
נאָך אַלין ניט געווען. בעני איז אַלין מעהר און
מעהר אויפגערעגט געוואָרען, האָט גערויכערט די
סיגאַרען איינעם נאָכ'ן אַנדערן, איז אַרומגעלאָ־
פען איבער'ן צימער, האָט געשפּייט, געמורמעלט:
„זי וועט ניט קומען! זי וועט ניט קומען!" און
האָט זי געזידעלט מיט די שמוציגסטע ווערטער.
יעדע ווילע האָט ער די טהיר געעפענט, און דעם
קאָפּ ווייט אין דעם קאָרידאָר אַרויסגערוקט, טאָ־
מער וועט ער זי דערזעהן, דערנאָך ווידער פער־
האַקט די טהיר און געמורמעלט: „אַזאַ רויטע
מאַנקי! מיך בעטריעגען, מיך?! אַזאַ רויטע
מאַנקי!"

און צום סוף איז ער גאַר צוקאָכט געוואָרען
און האָט גענומען זיך אַליין זידלען, פּאַרוואָס
האָט ער זיך נעכטען מיט איהר צערעמאָניעט.
ער האָט דאָס שוין לאַנג געדאַרפט טהאָן. אָבער
זאָל די רויטע מאַנקי ניט מיינען, אַז זי איז שוין
מיט איהם פאַרטיג. ער איז בעני! אָללרייט!
אָללרייט! „אי'ל נאַוק האַר אַוט דהי קישקעס!"
— האָט ער גערעדט אויף זיין בעזונדערן זשאַר־
גאָן — סיידען זי וועט ניט לעבען! . . .

טשאַרלי האָט זיך געקלאַפּט מיט ביידע
הענד איבער די דיקע קניע און געלאַכט מיט זיין
באַסאָווער שטימע:

— ווען דו וואָלסט נעכטען ניט געווען אַזוי
גוט צו איהר, וואָלסטו היינט ניט געדאַרפט זיין
אַזוי בייז, בעני! — האָט ער געדונערט מיט
זיין קול, לאַכענדיג.

מייביל, וועלכע האָט זיך איצט געוויעגט
אויפ'ן שאַקעל־שטוהל מיט א סיגאַרעט אין'ם
מויל, ריידענדיג עפּעס מיט מיסעס גוטמאַן, האָט
זיך פּלוצים אָנגערופען:

— אָבער איך האָב דיר געזאָגט, בעני, אַז
זי וועט ניט קומען?

מיט אַמאָל האָט זיך בעני א וואָרף געטהאָן
צו איהר מיט אַן אויפגעהייבענער האַנד און מיט
אויגען, וואָס האָבען געברענט מיט ווילדער
רציחה:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט
האַלטען דיין שמוציגען מויל! . . .

מייביל האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ אונטער
זיין האַנד, ערוואַרטענדיג מיט שרעק זיין שטאַר־
קען קלאַפּ. אָבער דאָ איז צוגעשפּרונגען צו
איהם מיסעס גוטמאַן מיט א פלינקייט פון א
קאַץ, וואָס מען וואָלט גאַר ניט געקענט ערוואַר־
טען פון דעם דאַזיגען דיקען אַלטען גוף, האָט
איהם א כאַפּ געטהאָן ביים אָרם און מיט לאַ־
כענדיגע אויגען איהם אריינגעקוקט גלייך אין
דעם רצוח'דיגען פּנים:

— א גדולה אויף דיר, בענעלע — האָט זי
געזאָגט מיט אַזאַ ווייכקייט אין'ם קול, אַזוי ווי
זי וואָלט א קינד געלאַסצעט: — וואָס האָסטו
צו איהר? זי איז דאָך ניט שולדיג. זיי ווייטער
ניט אַזאַ גוטער, א גדולה אויף דיר. טשאַרלי
איז נעכטען האַרט געווען, האָסטו עס געדאַרפט
אָפּ'פּטר'ן און פאַרטיג. דו האָסט א צו גוט־
האַרץ, בענעלע, א גדולה אויף דיר.

— איך בין געווען א נאַר — האָט ער א
בורטשע געטהאָן שוין רוהיגער.

זי האָט איהם א גלעט געטהאָן איבער'ן
אַקסעל:

— נו, נו, מילא, אַז עס ווערט בעשערט זיין,
וועט זי נאָך צו דיר קומען. ווערסטו שוין דע־
מאָלט ניט זיין אַזוי גוט . . .

זי האָט איהם אָפּגעשלעפּט אַן א זייט, ווען
זי האָט בעמערקט, אַז ער איז רוהיגער, און איהם
שטיל געזאָגט מיט א פאַרוואורף:

— בעני, דו ביזט משוגע? דו דאַרפסט
ניט הייבען קיין האַנד אויף מייביל'ן. זי האָט
עס ניט פערדיענט. זי איז איבערגעגעבען די
ביזנעס מיט ליב און לעבען. אפילו א בהמה,
וואָס גיט פיעל מילך, היט מען אויף אָפּ, א
גדולה אויף דיר! . . .

— דו ביזט גערעכט — האָט ער אויסגע־
מורמעלט און איז צוגעגאַנגען צו מייבלע'ן:

— מייביל, איך האָב עס ניט געמיינט . . .

זי האָט איהם ניט געענטפערט, איז געבלי־
בען זיצען מיט א ברוגז'ער מינע.

פלוצים האָט זיך דערהערט א שטילער,
גאַנץ שטילער קלאַפּ אין די טהיר, מיסעס גוטמאַן
האָט זי געעפענט און דעם קאָפּ ארויסגעשטעלט:

— קומט אריין, קומט אריין — האָט זיך
דערהערט איהר פריינדליכער קול — ער איז דאָ!

— זי! — האָט זיך בעני א כאַפּ געטהאָן —
פּאַרט געקומען! טשאַרלי, אריין אין פראָנט־
רום, שנעל! זאָל זי דיך דערווייל ניט זעהן!
— האָט ער ארויסגעשעפּצעט.

טשאַרלי האָט אויף די שפּיץ־פינגער און
קייקלענדיג זיך אויף די קורצע דיקע פיס, ווי
קלעצלאך, זיך אָפּגעטראָגען אין דעם פראָנט־
צימער.

דאָס איז טאַקי געווען די רויטע ברכה. זי
איז אריינגעקומען, קוים שלעפּענדיג די פיס, אזוי
ווי זי וואָלט נור־וואָס פון א שווערע קראַנקהייט
אויפגעשטאַנען, און דער פּנים מיט די זומער־
שפּרינקלאך איז ווייס געווען, ווי קאַלך, און די
גרויע אויגען, פון וועלכע רחמנות'דיגע הילפלאָ־
זיגקייט, פערצווייפלונג און שרעק האָבען ארויס־
געקוקט, זיינען געווען ווייט אויסגעשצירעט און
ווי גלעזערנע, און די רויטע האָאר אויפ'ן קאָפּ
זיינען צופלאָנטערט און אויפגעשטעלט געווען,
אזוי ווי פאַר מורא'דיגען שרעק, און דער בוזים
אונטער דער ווייסער זיידענער בלוזקע האָט זיך
שווער בעוועגט ארויף און אראָב.

בעני, וועלכער האָט זיך געהאַט א וואָרף
געטהאָן צו איהר, איז פּלוצים שטעהן געבליבען,
ווען ער האָט דערזעהן, ווי זי קוקט אויס. מייביל
האָט זיך אויפגעהייבען פון איהר שאַקעל־שטוהל
און מיט א שפּאַטישען שמייכעל געקוקט אויף
איהר, און מיסעס גוטמאַן האָט זיך געטראַכט,
קוקענדיג ברכה'ן גלייך אין פּנים אריין מיט
איהר גוטען און צניעות'דיגען שמייכעל: „א
כשר'ע בהמה'לע, קוקט אויס נעבאך, ווי מען
וואָלט זי צו דער שחיטה געפיהרט!"

צום סוף איז בעני צו איהר צוגעגאַנגען:

— דאַרלינג, פאַרוואָס אזוי שפּעט?

האָט זי ארומגענומען און א קוש געטהאָן.

זי האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן און ארויס־
געריסען זיך פון אונטער זיינע הענד:

— איך בעט אייך, טשעפּעט מיך ניט...
האָט רחמנות — האָט זי זיך געטרייסעלט און
געמורמעלט מיט א דומפּפען און צוריסענעם קול,
אזוי ווי פון ערגעץ טיעף, טיעף פון איהר נשמה
וואָלט ער זיך געטראָגען און, טראָגענדיג זיך,
וואָלט ער האַרט אין איהר ערגעץ זיך פערטשעפּ־
פּעט, אפשר אָן פרישע בלוטענדיגע וואונדען,
און זיך צוריסען: — איך האָב ניט געוואָלט
געהן אהער... ניט געטאָרט געהן אהער...
עס האָט מיך אָבער געשלעפּט... ווי מיט א
קייט... ווי איהר וואָלט מיך פער'שכור'ט...
די האָאר אויף זיך צוריסען... די קישען צו־
ביסען... אָי, אז איך וואָלט געשטאָרבען... וואָס
האָט איהר געהאַט צו מיר?...

און בעת זי האָט עס גערעדט, האָט ער גע־
קוקט איהר גלייך אין פּנים אריין, די האַנד ארום
איהר טאַליע, און אויסגעשטעלט צו איהר זיינע
לאַכענדיגע ווייסע און געזונדע צייהן.

דאַן האָט ער אויסגעשריען: „דאַרלינג, דו
ביזט היינט אביסעלע צו נערוועז, איך ליעב דאָס
ניט!"—א כאַפּ געטאָן זי מיט א מערקווירדיגער
קראַפט, ווי שווער זי איז ניט געווען, אויף די
הענד, ווי א קליין קינד, איהר רויטען קאָפּ אָנ־
געלעהנט אויף איין אָרם זיינעם, איהרע פיס
אויף זיין צווייטען, איהר גאַנצען קערפּער געגען
זיין ברוסט, האָט זי אזוי געקאַטשעט, ווי מען
טהוט עס, בעת מען וויל איינשטילען א שרייענ־
דיג קינד, און געזונגען:

— ליו־לו־לו, מיי דאַרלינג, ליו־לו־ליו־לו!..

מייביל און מיסעס גוטמאַן האָבען געלאַכט
און ברכה'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אז א מורא'־
דיגע קראַפט, געגען וועלכער זי האָט זיך ווערען
ניט געקענט, טראָגט זי און וויעגט זי איבער א
טיעפען, מורא'דיגען אבגרונד, וויל זי אהין א
שליידער טהאָן, און זי האָט שרייען געוואָלט:
„ראַטעוועט מיך!" און אָנשטאָדט דעם האָט זי
קוים־קוים געשעפּצעט:

— איך בעט אייך... איך בעט אייך...
האָט רחמנות... איך בעט אייך...

דאַן האָט ער זיך מיט איהר אויף די זאָפע
ארונטערגעלאָזט, אויף די קניע צו זיך זי א זעץ
געטהאָן, ארויפגעדריקט זיין רונדע שטאַרקע
מאָרדע, ווי ביי א בולדאָג, אויף איהרער, מיט
זיינע פרעכע און דורכדרינגענדע אויגען איינגע־
זויגט זיך אין איהר רחמנות'דיגע, הילפלאָזע,
צושראָקענע, געסאָפּעט אויף איהר מיט א הייסען
אטעהם און דורך זיינע אויסגעשטעלטע פערשצע־
מטע ווייסע צייהן ארויסגערעדט:

— דו, דאַרלינג, איך ליעב דאָך דיך
אזוי, דו...

און האָט די דאָזיגע פראַזע געענדיגט מיט
זעהר שמוציגע ווערטער אויף ענגליש.

— איך בעט אייך... האָט רחמנות — האָט
זי אַלץ גע'טענה'ט דאָס אייגענע, אזוי ווי איהרע
אַלע געפיהלען און געדאַנקען, איהר גאַנצע פער־
צווייפלונג, איהר גאַנצער שרעק וואָלטען אין די
דאָזיגע פּאָאר ווערטער פערגליווערט געוואָרען.

און זי האָט ארונטערגעלאָזט נידריג דעם
רויטען קאָפּ און זיך אין גאַנצען געטרייסעלט,
זיצענדיג ביי איהם אויף די קניע.

— וואו איז דער שאַמפּאַניער? זי וועט
אויסטרינקען א גלאָז, וועט זי זיך בערוהיגען —
האָט בעני פּלוצים געזאָגט.

מייביל האָט זיך מיט אימפּעט א וואָרף
געטהאָן אין די קיך אריין און באַלד צוריק
אריינגעלאָפען מיט צוויי פלעשער. מיסעס
גוטמאַן האָט זיך געזעצט אויפ'ן שאַקעל־שטוהל

מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט איהר ניט אָנגעגאַנגען. דאַן האָט מייביל גלעזער אויף אויפ'ן טיש אַוועקגעשטעלט.

— קום אַהער, מייביל — האָט בעני זי א רוף געטהאָן — בעקענט זיך!

מייביל איז צו איהם צוגעלאָפען. בעני האָט אָנגענומען ברכה'ן פון אונטען פאר די מאָרדע און אַזוי איהר דעם קאָפּ אויפגעהייבען:

— בעקען זיך מיט א פריינדין!...

ברכה'ס אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט מייביל'ס שוואַרצע, ברענענדיגע אויגען און זי האָט איהרע גלייך ווידער ארונטערגעלאָזט.

— דו זיך שעמסט? — האָט מייביל זיך אָנגערופען צו ברכה'ן אויף איהר אידיש — דו א נאַר, ע דעם פול. בעני, לאָז מיך, איך וויל זיך בעקענען נעהענטער מיט דיין פריינדין. זי זעהט אויס אַזוי ליעב און איך ליעב זי... ערנסט!...

און זי האָט צו איהם פער'גנב'עט א ווינק געטהאָן מיט די אויגען.

ער האָט אַוועקגעזעצט ברכה'ן אויף די זאָפע, זיך אויפגעהייבען און איז אין דעם פראָנט־צימער אריין. מייביל האָט זיין אָרט פערנומען.

און גלייך, ווי זי האָט זיך געזעצט, האָט זי ברכה'ן אַרומגענומען און זיך צו איהר מיט'ן בוזים צוגעדריקט, אַזוי ווי זי האָט עס געטהאָן מיט די מענער:

ברכה האָט זיך ווידער א צאַפּעל געטהאָן און איהרע גרויסע אויגען האָבען זיך ווידער בעגעגענט מיט מייביל'ס, און דאָס מאָל האָבען זיי זיך גלייך ניט ארונטערגעלאָזט, ווי פריהער, נור זיי זיינען געבליבען הענגען איבער מייביל'ס ברענענדיגע אויגען און מיט אמאָל האָבען זיי זיך פונאַנדערגעעפענט נאָך גרעסער, פערוואונדערט און צוטומעלט, אַזוי ווי זי וואָלט די מייביל ערשט דערזעהן.

א היבשע ווילע האָבען זיי זיך אָנגעקוקט, מייביל מיט א שמייכעל און ברכה פערוואונדערט און צוטומעלט.

דאַן האָט ברכה פלוצים ארויסגעשעפּצעט:

— ניין, דאָס קען ניט זיין... איהר זייט ניט אַזאַ... איהר קוקט ניט אויס אַזאַ... איהר זייט אַזוי שעהן... צו־וואָס דאַרפט איהר עס?... ניין, דאָס מוז זיין א חלום... איהר זייט דאָך בעני'ס שוועסטער, איאָ?...

— ניין. בעני האָט דאָך אייך געזאָגט. ער האָט אייך ניט אָבגענאַרט...

— ניט אָבגענאַרט? איהר זאָגט: ניט אָפּגענאַרט?... ווען ער האָט מיך אונגליקלאַך געמאַכט? ווען ער האָט מיך משוגע געמאַכט? ווען מיר קומט אויס איצט א מיתה זיך אָנצוטהאָן?.. איך בין געוועזן עלענד דאָ ווי א שטיין, אָהן פריינד, אָהן קרובים. איך בין משוגע געוואָרען פאַר בענקעניש; פאַר עלענדקייט... און ווען א פריינד איז ענדליך געקומען, איז ער גאָר מיין מלאך המות... אָי, זאָגט, אַז דאָס איז ניט אמת... עס קען דאָך ניט זיין, אַז איהר זייט אַזאַ... איהר קוקט דאָך אויס א ריינע, כשר'ע טויב — האָט די אונגליקליכע, עהרליכע, פּשוטע מיידעל פערצווייפעלט גערעדט.

מייביל האָט איהר געענטפערט מיט א ציניִשען געלעכטער:

— אָי, דו איז אַזוי פאָני!..

דערנאָך האָט זי ארונטערגענומען איהרע פינקלענדיגע רינגען פון די הענד און זיי אַלע אָנגעטהאָן ברכה'ן אויף די פינגער, וועלכע איז ווידער געזעסען צוטומעלט פון מייביל'ס געלעכטער און גאָר ניט געפיהלט, ווי יענע האָט איהר אויף די הענד דאָס ציערונג ארויפגעטהאָן:

— אָי ווי שעהן! — האָט זי גערעדט אויף ענגליש — איהר זעהט? אין איין יאָהר האָב איך דאָס אַלסדינג פערדיענט. ווערטה פיעל טויזענדער. און איהר וועט עס אויך האָבען. איהר דאַרפט ניט זיין נאַריש.

— וואָרום ביזטו זי ניט מכבד מיט א גלעזעלע שאַמפּאַניער, א גדולה אויף דיר? — האָט מיסעס גוטמאַן זיך פלוצים אָנגערופען, וויעגענדיג זיך אויף איהר שאָקעל־שטוהל.

— שור. וואו איז בעני?

און זי האָט צוריק אַרונטערגענומען די רינגען פון ברכה'ס פינגער, אויף זיך אַרויפגעטהאָן און איז אויך אריינגעלאָפען אין דעם פראָנט־צימער.

מיסעס גוטמאַנ'ס קול האָט ווידער אויפגעוועקט ברכה'ן פון איהר צוטומעלטקייט. זי האָט זיך א כאַפּ געטהאָן פונ'ם אָרט און איז צו איהר צוגעגאַנגען:

— מיסעס — האָט זי אַרויסגעשעפּצעט — זאָגט מיר... איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך... אַלע זאָגען, איהר זייט אן עהרליכע, פרומע אידענע... און איהר זעהט אויס אַזאַ גוטע, ווי מיין אייגענע מאַמע דאָרט אין דער היים... זי איז דאָך אייער טאָכטער און ער איז אייער זוהן, ניט אמת, הא?...

— זיי זיינען מיר טהייערער, ווי מיינע אייגענע קינדער, א גדולה אויף דיר! — האָט די אַלטע געענטפערט מיט איהר צניעות'דיגען שמייכעל — ווען דו וועסט דאָ זיין, וועסטו אויך זיין ביי מיר טהייער. צו אַלע מיידלאַך ביי מיר אינ'ם געשעפט בין איך בעסער, ווי א לייבליכע מאַמע, א גדולה אויף דיר...

— וואָס מיינט איהר? — האָט ברכה אַרויסגעשעפּצעט און שוין געקוקט ווידער צוטומעלט.

— וואָס איך מיין? א גדולה אויף דיר, וואָס ביזטו עפּעס א קינד? אַליין פערשטעהסטו ניט?

— הא? אָבער דאָך ניט, וואָס... בעני זאָגט?...

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?...

— אפּריהער, אַז ער האָט מיך ליעב... וועט מיט מיר חתונה האָבען... ביז... ביז... דערנאָך...

— פּאַרוואָס־זשע, קרוינעלע מיינע, אַ גדולה אויף דיר, האָסטו זיך געלאָזט?

— ער האָט מיר דעם מוח אין גאַנצען צומישט...

— און אויף דיר, נעבאַך, קען מען אויך ניט קיין פאַראיבעל האָבען — האָט מיסעס גוטמאַן מיט אמאָל אַ דרעה געטהאָן דעם געשפּרעך אין אַנאַנדער ריכטונג — אַן עלטערע מיידעל .. . קיין שידוך מאַכט זיך ניט. מען דאַרף אַרבייטען, נעבאַך, שווער אינ'ם שאָפּ. און וואָס, אומשטיינס געזאָגט, פּערדיענט מען דאָרט? און די נשמה איז ניט קיין ראָזיג. לעבען ווילט זיך. אַן עלטערע מיידעל נאָך מעהר. איך פערשטעה דאָס גאַנץ גוט, אַ גדולה אויף דיר. קומט אַ יונגערמאַן, פערלירט מען דעם פערשטאַנד. האָט טאַקע דיר אָבגעגליקט, וואָס דאָס איז בעני געוועזען און ניט קיין אַנדערער. וואָס וואָלסטו נעבאַך געטהאָן, ווען דאָס וואָלט געהאַט געטהאָן סתם אַ באָי? ער וואָלט דיך דערנאָך אין גאַנצען געוואָרפען און דו וואָלסט געבליבען ביי דער אַרבייט אינ'ם שאָפּ, ביי די אַלע צרות. מיט בעני'ן אָבער קענסטו פּערדיענען אַ סך געלד, האָבען ציערונג און לעבען פרעהליך. האָסט געזעהן מייביל'ן? אַ יונגע מיידעל, אַ שעהנע, פּונדעסטוועגען איז זי צופריעדען און האָט קיין חרטה ניט. דאַנקען גאָט, קיינע פון מיינע מיידלאַך האָבען חרטה...

בעני און מייביל האָבען פער'גנב'עט אַרויסגעקוקט פון'ם פראָנט־צימער און זיך צוגעהערט.

ברכה האָט זיך אַ פּאַטש געטהאָן מיט ביידע הענד אינ'ם קאָפּ:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער, וואָס טהוט זיך דאָ?!...

— „וואָס טהוט זיך דאָ!" אַ גדולה אויף דיר, וואָס זאָל זיך דאָ טהאָן? קיין עהרליך מיידעל ביזט דאָך שוין מעהר ניט, דאַרפסטו האָבען שכל און זעהן, ווי זיך בעסער צו מאַכען. קיינער, חלילה, נויט דיך ניט. ווילסטו, איז גוט, אַניט וועט בעני'ן אויך ניט אַארען. גאָר נישט, ווען דו האָסט איהם ליעב, וועסטו איהם דאָ אַלע מאָל קענען ליעבען. מיט די אַנדערע טאַקע איז נור ביזנעס און ליעבען וועסטו איהם. אַזוי טהוען אַלע, אַ גדולה אויף דיר!...

— ניין, ניין! — האָט זי אַרויסגעשעפּצעט, געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און זיך אין גאַנצען געטרייסעלט.

היינט וואָס־זשע, אַ גדולה אויף דיר, ביזטו געקומען? ער האָט דאָך דיר מסתמא געזאָגט, וואָס ער וויל פון דיר?...

— איך האָב ניט געוואָלט קומען... איך האָב שוין געהאַט געקויפט סם אַ פלעשעלע... איך קען אָבער ניט... קיין מוט ניטאָ... איך וויל נאָך לעבען .. און מיין מאַמע וואָלט עס אויך דאָרט ניט איבערגעלעבט... איך האָב מיך זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי קריגט דאָרט אַ בריעף וועגען דעם... ווי זי רייסט זיך די האָאָר, ווי זי קלאָגט... איך האָב קיין מוט ניט געהאַט... און דערנאָך האָט מיך גענומען ציהען, ציהען, ציהען אהער... ווי מיט קייטען!...

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון'ם שאָקעל־שטוהל, איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר אַ גלעט געטהאָן די באַקען:

— אַזוינע מיידלאַך, וואָס האָבען אַזוי ליעב זייער מאַמען, האָב איך ליעב, זי איז מסתמא ניט רייך, האַ?

— זעהר אָרים, זייט דער טאַטע איז געשטאָרבען.

— אַן אַלמנה נאָך אויך? אַי אַ וועהטאָג איז מיר! נו וועסטו איהר קענען איצט העלפען, אַ גדולה אויף דיר. אַן אייגענע מאַמע'ן צו העלפען איז די גרעסטע מצוה. מיט דער מצוה, טהייערינקע מיינע, וועסטו זיך אויסקויפען אַ סך, אַ סך עבירות... בעני, וואו ביזטו? קום אַריין, ברכה'קע וויל אַ גלעזעלע שאַמפּאַניער!..

בעני און מייבעל זיינען אַריינגעלאָפען פון'ם פראָנט־צימער און ביז בעני האָט דאָרט געעפענט די פלעשער, האָט מייביל צוגעפיהרט ברכה'ן, וועלכע האָט זיך בעוועגט ווי אַ צומישטע, צו דער זאָפע, זיך געזעצט נעבען איהר, אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע בילדער פון אונטער'ן קישעלע און עס איהר גענומען ווייזען. ברכה האָט אַ בליק געטהאָן אויף דאָס ערשטע בילד און זיך צו דעם אַ כאַפּ געטהאָן, ווי אַ שכור צו אַ גלעזעל שנאַפּס. גלייך אָבער האָט זי אָבגעשטופּט פון זיך מייביל'ן, אָבגערוקט זיך אויף די אַנדערע זייט און פערדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענד.

די פלאַש האָט אויסגעשאָסען מיט אַ קנאַק. באַלד האָט בעני צוגעטראָגען צו ברכה'ן אַ גלאָז שאַמפּאַניער, וואָס האָט געקאָכט מיט אַ ווייסען שוים. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אָנגעקוקט איהם מיט אויגען פול פערצווייפלונג און ניט געוואָלט טרינקען. ער האָט צוגעטראָגען די גלאָז צו איהרע ליפּען, זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן דעם קאָפּ און די גלאָז שאַמפּאַניער האָט זיך אויסגעגאָסען אויף איהר בלוזקע.

— טהו אויס דיין ווייסט — האָט ער דאַן געזאָגט — זי איז נאַס. מען וועט דיר אַנאַנדערע געבען...

און ער האָט איהר אָפּגעשפּילעט אַ קנאַפּ ביים בוזים.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן מיט שרעק:

— טשעפּעט מיך ניט... האָט רחמנות...

— אַך, וואָס מאַכסטו דאָרט פאַר אַ „מאַנקי

ביזנעס" — האָט ער פּלוצים אויסגעשריען מיט רציחה — טהו אוים דיין וויסט, טייפעל! ...

און ער האָט איהר בלוזקע אזוי א ריס געטהאָן ביים בוזים, דאָס די קנעפּ האָבען גענומען פליהען אויף אלע זייטען און די נאַקעטע ברוסט האָט זיך ווייט געעפענט.

און מיט אמאָל האָט זי גענומען שרייען היסטעריש:

— לאָזט מיך! לאָזט מיך! איך וועל אויפהייבען א געוואלד! ...

און זי האָט זיך אליין פערשטעלט דעם מויל מיט'ן פראָנט פון דער בלוזקע, פערשטיקט איהר היסטערישען געוויין און זיך געטרייסעלט.

טשארלי איז ארויסגעלאָפען פון זיין בעהעלטעניש און אין דאָס עס־צימער אריינגעקומען. מיסעס גוטמאַן איז צוגעלאָפען צו איהר מיט'ן פויסט געבען איהרע ליפּען:

— שאַ, שאַ, שריי ניט, שריי ניט! קרוינעלע־הארצעלע, א גדולה אויף אייך, איך האָב אייך ניט גערופען! געהט זיך געזונדערהייט פון דאַנען, שאַ, שרייט ניט! מען קען נאָך, חלילה, מיינען, אז מען וויל דאָ טהאָן בייז אן עהרליכער מיידעל! ...

— אי'ל גיוו האַר ע נאַוק אין דהי קישקעס!

— האָט זיך בעני א כאַפּ געטהאָן נאַכדעם, ווי ער איז א רגע געשטאַנען צוטומעלט פון ברכה'ס געשריי.

מיסעס גוטמאַן האָט איהם דאָ א כאַפּ געטהאָן מיט א מין רציחה, וואָס מען האָט נאָך פון איהר ניט געזעהן, ביים אקסעל און איהם געשטופּט צום זייטיגען צימער, איהם אריינגעשטופּט אהין און געזאָגט:

— טשארלי, לאָזט איהם ניט ארויס. עס קען נאָך אן אונגליק פּאַסירען.

טשארלי איז אריין אין יענעם צימער.

דאַן האָט מיסעס גוטמאַן געעפענט די טהיר:

— געהט זיך געזונטערהייט. פערמאַכט די וויסטעל, א גדולה אויף אייך. עס איז ניט שעהן, א מיידעל זאָל אזוי ארויסגעהן.

און מיט אמאָל האָט ברכה מיט ווילדע אויגען און מיט אימפּעט זיך א וואָרף געטהאָן דורך די טהיר און איז ארויסגעלאָפען.

— טפוי! — האָט די אלטע א שפּיי געטהאָן און צוגעשלאָסען הינטער איהר די טהיר.

בעני איז ארויסגעלאָפען מיט אויגען, וואָס האָבען געשפּריצט פייער:

— וואָס האָסטו זי ארויסגעלאָזען?

— וואָס איז? דו האָסט געוואָלט, אז די מענשען, וואו זי וואוינט, זאָלען דערהערען איהרע געשרייען? דו האָסט עס געדאַרפט ערגעץ אנדערש טהאָן, א גדולה אויף דיר. זי וואוינט דאָ אין דער אנדער טהיר. און דו ביזט אליין שולדיג, בעני, א גדולה אויף דיר! זי איז שוין געוועזן אויף אלסדינג מרוצה, ביזטו געקומען מיט דיין געוואלד. ניט אלע מיידלאך זיינען גלייך, בעני. איינע נעהמט מען מיט א גוט וואָרט און אן אנדערע מיט געוואלד. דו אָבער ווילסט נעהמען אלעמען מיט געוואלד, א גדולה אויף דיר! ...

בעני האָט מיט די צייהן א ריס געטהאָן דעם אָרבעל פון זיין העמד, איז צוגעלאָפען צום טיש און האָט א שמיץ געטהאָן א פלאַש שאַמפּאַניער אָן דר'ערד. דער גאַנצער פּנים זיינער איז פערקרימט געווען פאַר רציחה.

מייביל האָט זיך צושראָקען אָבגערוקט אָן א זייט. טשארלי האָט גערויכערט א סיגאַר, געקוקט און געשמייכעלט.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך פּלוצים צולאַכט, איז ווידער צוגעגאַנגען צו בעני'ן און איהם א גלעט געטהאָן אויפ'ן אקסעל:

— בענעלע, א גדולה אויף דיר, דו ביזט משוגע געוואָרען, וואָס? נו, וועט זי מאָרגען קומען. גלויב מיר, אז זי וועט שוין קומען. איך קען אזוינע מיידלאך. זי וועט דיך נאָך זוכען. דו נעהם זי אָבער אריין אין דעם צווייטען געשעפט.

א מורא'דיגער געשריי האָט זיך פון דרויסען דערהערט, א טומעל, א ליאַרם... אינ'ם קאָרידאָר האָט זיך דערהערט א געלאַף און א געפּילדער. פון אלע שטאָקען האָט זיך געהערט א קלאַפּען פון טהירען, א געלאַף פון מענשען איבער די טרעפּ. די סטעליע ביי מיסעס גוטמאַן אינ'ם צימער האָט זיך געטרייסעלט.

— צי ניט א פייער? — האָט מיסעס גוטמאַן ארויסגערעדט, און גלייך טאַקע האָט זיך א קלאַפּ אין דער טהיר דערהערט און ווען מיסעס גוטמאַן האָט זי געעפענט, איז מיסעס דראַבקין אריינגעלאָפען בלייך און פערסאָפּעט און האָט קוים ארויסגערעדט:

— די רויטע ברכה האָט זיך ארונטערגעוואָרפען פונ'ם רוף. זי ליגט דאָרט אויף די שטיינער טויט מיט א צובראָכענעם שאַרבען!

און געזאָגט עס, איז זי גלייך ארויסגעלאָפען.

מיסעס גוטמאַן איז געבליבען שטעהן, ווי איינגעגראָבען, דער פּנים איז ביי איהר רויט און ווייס געוואָרען, די ליפּען האָבען זיך ביי איהר בעוועגט, קענטיג, זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און ניט געקענט, די אויגען האָבען זיך אויסגעגלאָצט און זיינען געבליבען שטעהן אויף די טהיר צוטומעלט. דערנאָך האָט זי די הענד פערבראָכען, ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אריין אין די קיך.

בעני האָט ארויסגעמורמעלט: וואָס איז דאָס? משוגע געוואָרען?

מייביל האָט בעמערקט:

— פון אזא נאַר האָט מען עס געקענט ערוואַרטען. פּאַור גוירל! ...

טשארלי האָט פעררויכערט א נייע סיגאַר

און אַ שאָקעל געטהאָן פערטראַכט מיט'ן קאָפּ:

— זשי, דעם זומער איז דאָס שוין דאָס פערטע מיידעל, וואָס איך ווייס!...

נאַכט איז צוגעפאַלען. די מיידלאַך האָבען זיך איינציגווייז און שטילינקערהייט אריינגעגנב'עט צו מיסעס גוטמאַן אין די טהיר. זי האָט זיי אָבער אַלעמען צוריקגעשיקט. ביז איבער זונטאַג, ביז אַלסדינג וועט זיך בערוהיגען און פערגעסען ווערען אין דעם טומעל פון דעם אידישען קוואַרטעל און ביז נאָך דער לויה, האָט זי קיין ביזנעס ניט געוואָלט האָבען ביי איהר אינ'ם הויז.

צו ברכה'ס לויה איז זי געפאָהרען מיט מיסעס דראַבקין אין אַ בעזונדערען קערידזש. אויסער נחום'ן, וואו ברכה האָט געוואוינט, זיינען זיי געווען די איינציגע צו דער לויה פון דער עלענדער, אונגליקליכער מיידעל...

און הויך אויפ'ן קול האָט מיסעס גוטמאַן געוויינט אויף ברכה'ס פרישען קבר, מחילה און משתדל זיין זיך דאָרט פאַר איהר זינדיגע נשמה האָט זי געבעטען די אונגליקליכע, וואָס האָט זיך דאָרט אונטער'ן געלען בערגעלע אויסגערוהט.

ברכה'ס לייבליכע מאַמע וואָלט מיט מעהר האַרץ ניט געוויינט...

* * *

צוויי טעג שפּעטער, מאָנטאַג נאָכמיטאַג, איז שוין געזעסען מיסעס גוטמאַן און האָט אין איהר געוועהנליכען רוהיגען טאָן און מיט איהר צניעות'דיגען שמייכעל גערעדט וועגען ברכה'ס טויט מיט מיסעס דראַבקין (אַזוינע קאַטאַסטראָפעס אין איהר וועלטעל האָבען זי נור אויף אַ ווײַלע אויפגעטרייסעלט). זי האָט דערצעהלט מיסעס דראַבקין, אַז ברכה איז זעלבסטמאָרד בעגאַנגען, ווייל בעני האָט מעהר ניט געוואָלט פון איהר וויסען און פאַר די ביזנעס איז זי אויך ניט געווען קיין סחורה, ווייל זי איז געווען אַן עלטערע ניט קיין שעהנע מיידעל מיט רויטע האָאר. מענער האָבען ניט ליעב אַזוינע, האָט בעני זיך פון איהר אויך אָבגעטרייסעלט.

—וואָס ווייסט איהר, מיסעס דראַבקין — האָט זי גערעדט מיט אַ געהיימער מינע — ווי זיי שטאַרבען אוועק נאָך בעני'ן, אַ גדולה אויף אייך! איין פרוי קען איך, וועלכע האָט אַ שוואַכען מאַן, נעבאַך — דוקא אַ גאַנץ רייכע פרוי — קומט זי עטליכע מאָל אַ וואָך אין דעם צווייטען געשעפט, נור צוליעב איהם. איהר פערשטעהט? ניט, חלילה, צוליעב דאָס געלד, נור צוליעב איהם. אַז מען האָט אַ שוואַכען מאַן און מען טרעפט אַזאַ העלדישען יונג מיט ביינער, איז דען אַ חידוש?... אָט איהר אַליין, אַ גדולה אויף אייך, ווייסט דאָך, נעבאַך, ווי געשמאַק דאָס איז צו האָבען אַ קראַנקען, שוואַכען מאַן!...

ביי מיסעס דראַבקין האָבען די באַקען געברענט פלאַם־פייער און זי האָט געהאַלטען די אויגען אַרונטערגעלאָזט, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, איהרע אויגען זאָלען ניט אַרויסגעבען די געפיהלען און די געדאַנקען, וואָס האָבען אין איהר איצט געבושעוועט.

מייביל, וועלכע איז געלעגען אויף דער זאָפע מיט אַ סיגאַרעט אינ'ם מויל און האָט זיך צוגעהערט, האָט געוואוסט, וואָס די אַלטע האָט געמיינט מיט איהרע איצטיגע רייד און זי האָט אויך פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפען אַ ציניש'ען וואָרט וועגען בעני'ן, וועלכער איז געפאַלען ווי אַ ברענענדיגער פונק אויף מיסעס דראַבקינ'ס פאַנטאַזיע, און אויף איהר האַרצען, וועלכעס איז אויסגעמוטשעט געווען פון דעם לאַנגען קאַמפף, וואָס די איינגעבאָרענע צניעות און פרומקייט האָבען דאָרט געפיהרט געגען די מורא'דיגע אומגעבונג, אין וועלכע זי איז צופעליג אַריינגעפאַלען און פון וועלכע זי האָט קיין כוח ניט געהאַט צוריקצוהאַלטען זיך, ווי אַ פליעג פונ'ם פייער...

דערווייל איז בעני אַריינגעקומען. זי האָט זיך אויפגעהייבען און געוואָלט אַרויסגעהן, ווי יעדעס מאָל די לעצטע צייט, זייט זי האָט דערפיהלט, אַז זי האָט שוין קיין כוחות ניט, איהם בייצושטעהן... אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָט זי דאָס נאָך ברענענדיגער געפיהלט אונטער דעם איינדרוק פון מיסעס גוטמאַנ'ס רייד.

מיסעס גוטמאַן האָט זי אָבגעהאַלטען:

— וואָס אַנטלויפט איהר? זיצט נאָך אַ ווײַלע, אַ גדולה אויף אייך.

און געגען איהר ווילען האָט זי זיך ווידער געזעצט.

בעני איז אַריין אין דעם זייטיגען צימער. מייביל איז אַריינגעלאָפען נאָך איהם. באַלד זיינען זיי ווידער אַרויסגעקומען פון דאָרט, ער אָהן אַ רעקעל און הוט, די אַרבעל הויך פערקאַטשעט איבער די שטאַרקע האָריגע אַרמס, זי מיט'ן סיגאַרעט צווישען די פינגער און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און אין די שוואַרצע ברענענדיגע אויגען.

— העללאָ! — איז בעני צוגעגאַנגען צו מיסעס דראַבקין און זי אָנגענומען ביי דער טאַליע. זי איז אויפגעשפּרונגען און האָט געוואָלט אַרויסרייסען זיך.

— שטעהט איין! ווי שעהן איהר זייט היינט! און פון אַזאַ שעהן ווייבעל זאָל קיינער ניט הנאה האָבען? דאָס דאַרף ניט זיין! דאָס טאָר ניט זיין!

— לאָזט! — האָט זי אַרויסגעשעפּצעט און זיך ווידער אַ ריס געטהאָן פון איהם, אָפּדרעהענדיג פון איהם דעם צופלאַמטען פּנים מיט די צומישטע אויגען.

— וויל איך ניט! — האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער, זי געצויגען צו זיך נאָך נעהענטער, געדריקט די מאָרדע איהר אויפ'ן בוזים,

ארויפגעקוקט איהר אין די אויגען און געהערט איהר הייסען סאָפּען.

— האסטו שוין געקראָגען דיינע פינף דאלער? — האט ער פּלוצים אָנגעהויבען צו ריידען צו איהר אויף „דו“ — פינף דאלער איז א שפּיי. פינף הונדערט איז גאָר נישט. פינף טויזענד איז עפּעס. און רינגען, און בריליאַנטען, און ליעבע, פייערדיגע, ברענענדיגע, ניט פון א מאַן, וואָס איז שוין מעהר טויט ווי לעבעדיג. דו ביזט אזוי יונג, אזוי שעהן, און איך האב דיך אזוי ליעב, טייפעל, דו ווייסט דאָך גאָר ניט, וואָס ריכטיגע ליעבע איז!...

און מיט אמאָל האָט ער זי א כאַפּ געטהאָן אויף זיינע אָרמס. זי האָט איהם געגרמען שלאָגען מיט די הענד און די פיס, געריסען זיך פון איהם און הייזעריג און מיט שרעק געשעפּצעט:

— לאָזט איין, איהר הערט? לאָזט איין!

ער האָט זי אָבער דאָס מאָל ניט איינגעלאָזען און איז מיט איהר פערשוואונדען אינ'ם פראָנט־צימער.

עס האָבען זיך דערהערט א פאַלען פון שטולען, א בריאזג פון עפּעס א גלעזערנער כלי, דאַן בעני'ס ווילדער געשריי און ווידער א פאַלען פון שטולען...

— זי וועט נאָך חרב מאַכען דאָס הויז — האָט מיסעס גוטמאן ארויסגעמורמעלט, איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און האָט נאָך אמאָל א דרעה געטהאָן דעם שליסעל.

מייביל האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף די זאָפע און זיך צולאַכט.

הינטער דער טהיר פון'ם פראָנט־צימער איז שטיל געוואָרען, הינטער די פערשפּארטע פענסטער האָט די גאַס געשריען...

אפּריל 17, 1914, ברוקלין, נ. י.

מ. פּאַוולאָוויטש

די אינטערנאַציאָנאַלע שותפים פון מלאך המות

5. דער פּראָצעס פון זשורנאַליסט טאָמפּסאָן.—די אַקציאָנערען פון מלחמה־טראָסט.

עס איז קלאָר, וואָס פאַר א געוואַלדיגע ראָלע אן אָנגעזעהענער זשורנאַליסט קאָן שפּיעלען אין אויפהעצען צו א סכסוך און ממילא שוין צו פערגרעסערען די דיווידענדען פון די מיליטערישע פירמען. און מיר זעהען טאַקע, אז פיעלע בורזשואזע צייטונגען האָבען צווישען זייערע רעדאַקציאָנס־מיטגליעדער ניט נור אַקציאָנערען פון דער אָדער יענער מיליטערישער פירמע, נור אויך אַגענטען, און אַגענטען ניט נור אין געוועהנליכען קאָמערציעלען זין פון וואָרט. וואָס פאַר א סאָרט אַגענטען דאָס זיינען, קאָן מען זעהן פון דעם פּראָצעס פון זשורנאַליסט טאָמפּסאָן. די לעזער פון „צוקונפט“ איז דער נאָמען טאָמפּסאָן ניט פרעמד.*) דער זשורנאַליסט טאָמפּסאָן איז געווען דער ספּעציעלער קריעגס־קאָרעספּאָנדענט פון דער איינפלוסרייכסטער בורזשואזער צייטונג אין דער וועלט — „טיימז“, און ער האָט אין 1904 פערקלאָגט די פירמע „אַרמסטראָנג“ פאַר ניט דערצאָהלען איהם קאָמיסיאָנס־געלדער, וואָס האָבען איהם געקומט פאַר צושאַרען דער פירמע בעשטעלונגען אין כינא, יאַפּאַן און טשילי. דער פּראָצעס איז איבערגעריסען געוואָרען אין מיטען. ווען טאָמפּסאָנ'ס אַדוואָקאַט האָט פאָרגעלייגט זיינע טענות, האָט זיך אויפגעהויבען דער פאָרשטעהער פון דער פירמע „אַרמסטראָנג“, דער איצטיגער יוסטיץ מיניסטער, רופוס אייזיקס, און האָט ערקלערט, אז ביידע צדדים האָבען געסעטעלט אויף א פיינעם אופן. וואָס פאַר א פיינער אופן דאָס איז געווען, איז געבליבען אונבעקאַנט. ווייזט אויס, אז צופיעל ליכט וואָלט געשאַדט ביידע צדדים — אי דעם ספּעציעלען קריעגס־קאָרעספּאָנדענט, אי דער פירמע אַרמסטראָנג. ווען אַזא פּראָצעס וואָלט פאָרגעקומען איצט, וואָלט ער ניט אראָב אזוי גלאַט. ער וואָלט אָנגעמאַכט דעם גרעסטען גערודער. ליידער האָט אפילו די אַרבייטער־פּרעסע דאַמאָלס פערשוויגען דעם פּראָצעס. די אונטעראירדישע טהעטיגקייט פון די מיליטערישע פירמען איז דעמאָלס נאָך געווען א סוד אפילו פאַר די ביטערסטע געגנער פון מיליטאַריזם און זעהר וועניג אפילו פון די סאָציאַליסטען האָבען חושד געווען, אז אין דער פערשאַרפונג פון די בעציהונגען צווישען די מלוכות האָבען א האַנד די מיליטערישע פירמען.

אָבער דער בעשולדיגונגס־אַקט אַליין, וואָס איז פאָרגעלעזען געוואָרען אין געריכט אין 1904, אפילו אָהן די ווייטערדיגע פערהאַנדלונגען, האָט געוואָרפען א העלעס ליכט אויף דער ראָלע פון די ספּעציעלע קריעגס־קאָרעספּאָנדענטען און

*) זעה מיין אַרטיקעל: „די געלע פּרעסע און די אינטערנאַצ. סכסוכים“, צוקונפט, אַפּריל, 1914.

אויף די געהיימנִיסע פון די מיליטערישע פירמען. מיר לעזען אין דעם בעשולדיגונגס־אַקט פאָלגענדעס:

„עס שטעהט פעסט, אַז דער מאָהנער, א דאַנק זיין שטעלונג אלס ספּעציעלער קריעגס־קאָרעספּאָנדענט, איז געווען קלאָר אין אַליז, וואָס קומט פאַר אין אַלע וועלטטהיילען און ער האָט אויך אויפגעהאַלטען בעציהונגען מיט פיעלע אָפיציעלע פּערזאָנען, וואָס פערנעהמען די העכסטע פּאָסטענס אין די אויסלענדישע מלוכות. זיין קאָנטראַקט מיט דער פירמע אַרמסטראָנג איז דארום ניט געווען עהנליך צו די קאָנטראַקטען, וואָס מען שליעסט מיט געוועהנליכע אַגענטען. זיין אַרבייט איז געווען מיטצוטיילען זיינע שעפען וועגען אַליז, וואָס ער וועט זיך דערוויסען ביי די אויסלענדישע רעגיערונגען און איינצואווירקען פאַר דער פירמע בעשטעלונגען אויף קריעג־שיפען און קריעגס־מאַטעריאַל. זיין שטעלונג איז אַלזאָ געווען גיכער פון א דיפּלאָמאַטישען אַגענט אָדער פּריוואַט־געזאַנדטען".

און טאָמפּסאָן איז אודאַי ניט דער איינציגער. בלאָוויץ אין פאריז, מאריסאָן אין פעקין האָבען געשפּיעלט וויכטיגערע ראָלען, איידער די אָפיציעלע רעגיערונגס ־ פערטרעטער. בורשיע, דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „פּרינטינג הויז סקווער" איז געווען דער אויפטהוער פון באַלקאַנישען בונד; טארדיע, דער רעדאַקטאָר פון „טאַן", וועלכער איז כלומרשט געפאָהרען אין בוכאַרעסט האַלטען לעקציעס וועגען א קולטורעלער דערנעהענטערונג פון פראַנקרייך מיט רומעניען, איז אייגענטליך געווען בעאויפטראַגט אָבצורייסען רומעניען פון דריי־בונד און צוצוברייגגען צום צוויי־בונד.

אויב זשורנאַליסטען ווערען בעאויפטראַגט מיט וויכטיגערע שליחות ווי די אָפיציעלע געזאַנדטע, איז שוין קיין חידוש ניט, וואָס די מיליטערישע פירמען קלייבען זיי אָפט אויס אַלס זייערע געזאַנדטע. טאָמפּסאָנ׳ס אַדוואָקאַט, אָנווייזענדיג אויף די גרויסע אויפטהוען פון זיין קליענט אלס אויסווירקער פון בעשטעלונגען, האָט ניט געפונען פאַר נויטיג צו דערצעהלען, וואָס פאַר מעטהאָדען טאָמפּסאָן האָט געברויכט. אָבער אָט האָט איצט, אין יאַנואַר 1914, אויסגעפּלאַצט אן אַנדער סקאַנדאַל אין יאַפּאַן. ריכטער, אן אָנגעשטעלטער פון דער טאָקיער אָבטיילונג פון דער דייטשער פירמע סימענס, האָט אויסגעזאָגט פון חדר און האָט אָנגעגעבען, אַז די פירמע וויקערס האָט פאַר א בעשטעלונג אויף 28 מיליאָן יען פון דעם יאַפּאָנעזישען פלאָטען־מיניסטעריום אויסגעצאָהלט כאַבאַר צו פערשיעדענע בעאַמטע פון פלאָטען־מיניסטעריום 1.440,000 יען, ד. ה., 5% פון דעם ווערטה פון דער בעשטעלונג. די צייטונג „אָסאַכי" (מערץ, 1914) טיילט מיט, אז פון דער סומע 27 מיליאָן יען, וואָס זיינען בעצאָהלט געוואָרען פאַר דאָס קריעגס־שיף „כאַנדא", זיינען איין מיליאָן דריי הונדערט טויזענד יען צוטיילט געוואָרען צווישען פערשיעדענע מאַכערס.

אָט דאָס זיינען זיי די רעאַקציאָנערע זשורנאַליסטען — די אַגענטען פון די מיליטערישע פירמען און די אויפבלאָזער פון פּאַטריאָטישע העצעס. זיי זיינען ניט נור מיטגליעדער פון פערשידענע פלאָטען־ און אַרמיי־„ליעגעס", וועלכע אַגיטירען פאַר נייע שיפען און נייע רעגימענטען. די ענערגישערע פון זיי, ווי טאָמפּסאָן, לאָזען זיך אַוועק אין ווייטע מקומות אַלס געזאַנדטע פון אַרמסטראָנג, וויקערס, קרופּ און טהוען אָפּ פּאַטריאָטישע געשעפטלאַך פיעל בעסער ווי די אָפיציעלע געזאַנדטע.

ווי מיר האָבען געזעהן, אַ חוץ זשורנאַליסטען צעהלט דער מלחמה־טראָסט צווישען זיינע אַקציאָנערען איינפלוסרייכע גראַפען, לאָרדען, בעוואוסטע געזעלשאַפטליכע טהוער, ווי קערזאָן, גרעהעם, א רייהע פאַרלאַמענט־מיטגליעדער — מיט׳ן ספּיקער בראש, מיטגליעדער פון געוועזענע און איצטיגען מיניסטעריום, אַדמיראַלען (ווי לאָרד בערעסדארף), קאָנטר־אַדמיראַלען, פּאָלקאָווניקעס, גענעראַלען און קירכען־פאַטערס... דער מיטאַרבייטער פון „ליבאָר לידער" ניו־באלד דערמאָהנט, צווישען מיניסטאָרען, דעפּוטאַטען, אויך זעקס בישאָפס און 6 אַרכי־דיאַקאָנס. פון די קלענערע קירכען־מייז איז שוין אָבגערעדט.

זעהען מיר, אַז דער מלחמה־טראָסט איז א מעכטיגע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט איהרע פאָרשטעהער אויף אַלע געזעלשאַפטליכע פּאָסטענס. אויף דער פּאַרלאַמענט־טריבונע, אין אונטערסטען און אויבערסטען הויז, אויף די זיצונגען פון מיניסטאָרען־קאַבינעט, אויף די געהיימע בעראַטונגען פון אַדמיראַלען און גענעראַלען וועגען די פראַגען פון מלוכה־שוץ, און טאָג איין טאָג אויס אין דער פּרעסע אַרבייטען אָהן אויפהער דעם טראָסט׳ס אַגענטען פאַר דעם איינציגען צוועק — צו פערגרעסערען דעם טראָסט׳ס פּראָפיטען. זיי בלאָזען פונאַנדער מהומות, פער׳סם׳ען דעם פאָלק׳ס בעוואוסטזיין, צופלאַקערן די ליידענשאַפטען און זעען האַס צו די שכנ׳ישע פעלקער.

5. די אָרגאַניזאַציע פון דער מיליטערישער אינדוסטריע. איהר אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער. דער סעקרעט פון האַרוועי׳ס סינדיקאַט.

ווען מיר האָבען גערעדט וועגען די ענגלישע מיליטערישע פירמען, האָבען מיר כסדר געברויכט דעם אויסדרוק: „דער מלחמה־טראָסט". דאָס איז ניט אונזער אויסדרוק. די ענגלישע צייטונגען האָבען איהם צוגעקלעבט. אָפען, אָפיציעל, אַזוי צו זאָגען, געהען אריין אין טראָסט

בלויז 5 פירמען: וויקערס, אַרמסטראָנג, דזש. בראַון, קאַמעל־לערד און נאָבעל. אָבער פּאַקטיש איז יעדע פון די פירמען פערבונדען מיט פיעלע קלענערע. וויקערס, צ. ב. ש. בעזיצט אַ העלפט פון די אַקציעס פון דער פירמע בירדמאַר און אַ העלפט פון די אַקציעס פון דער פירמע „הענרי וווהייט היעד“ (מינען־פאַבריק); די אַנדערע העלפט איז אין בעזיץ פון אַרמסטראָנג. דזשאָהן בראַון און קעמעל־לערד זיינען אויך שטילע שותּפים צו פיעלע, איצטער בלויז נאָמינעל אונאָבהענגיגע שיף־בוי־, ביקסען־, פּולווער־פאַבריקען א. ז. וו., אַזוי דאָס די 5 פירמען טיילען זיך איין מיט דער גאַנצער אינדוסטריע, און יעדע פון די 5 האָט אַ חלק און דער אַנדערער, די דירעקטאָרען פון איין פירמע זיינען פערוואַלטונגס־מיטגליעדער פון דער אַנדערער.

אָבער דאָס אַלץ איז בלויז איין זייט פון דער פראַגע. דער טראָסט איז ניט קיין נאַציאָנאַל־ענגלישער. דירעקט אָדער אונדירעקט זיינען די ענגלישע פירמען פערבונדען מיט די דייטשע, עסטרייכישע, איטאַליענישע, רוסישע קאַנאָנען־פאַבריקען און פאַר אונזערע אויגען וואַקסט אַן אינטערנאַציאָנאַלער טראָסט, אַ נייע ווירטשאַפטליכע פאָרם, וועלכע שטעלט אין געפאַהר דעם וועלט־פריעדען.

ווי דער דערמאָהנטער ניובאַלד האָט געוויזען, זיינען די אַלע פירמען — אַרמסטראָנג, וויקערס—כאָטש ענגליש, לויט'ן נאָמען, און רעגיסטרירט אין ענגלאַנד, אין דער אמת'ן אָבער, לויט זייער טהעטיגקייט, אינטערנאַציאָנאַל. ווען דער ענגלישער אימפּעריאַליזם וואָלט ווירקליך געוועזן דאָס, פאַר וואָס ער גיט זיך אַרויס — אולטראַ־פּאַטריאָטיש — זאָגט דער ענגלישער זשורנאַליסט פּעריס — וואָלט ער בשום אופן ניט געקענט פערטראָגען, אַז אויף די ענגלישע שיף־בוי־פאַבריקען זאָלען געבויט ווערען קריעגס־שיפען פאַר פרעמדע מלוכות. אָבער וואָס זאָל מען שוין זאָגען דערצו, וואָס ענגלישע פירמען בויען פאַבריקען אין די האַפענס פון פיינדליכע מלוכות? וויפיעל האָט די פּאַטריאָטישע פּרעסע ניט צושריען וועגען דער מורא'דיגער פלאָטע פון דריי־בונד בכלל און פון מיטעל־לענדישען ים בפרט, וואו ענגלאַנד דאַרף זעהן אויפצוהאַלטען אַ מעכטיגע פלאָטע, כדי ניט צו דערלאָזען, אַז אין פאַל פון אַ סכסוך זאָל די פלאָטע פון דריי־בונד ניט פערשפּאַרען דעם וועג פון גיבראַלטאַר צו סועץ און אָבשטעלען דעם ענגלישען האַנדעלס־פערקעהר. און וואָס זעהען מיר? ווען מען קוקט אַראָב פון די בערג פּאַציאָלי, נעבען נעאַפּאָל, וואַרפט זיך אין די אויגען אַן אונגעהייערע ציגעלנע געביידע מיט שוואַרצע קוימענס — אַן עקעלהאַפטע בילד, וואָס פערמיאוסט די רייצענדע שעהנהייט פון ים־ברעג. דאָס איז דער אַרסענאַל פון דער קאָמפּאַניע אַרמסטראָנג — פּאַציאָלי. דאָרט בויען 4000 מענשען

קריעגס־שיפען פאַר דייטשלאַנד'ס בונד־חבר — איטאַליען. די עכט־ענגלישע פירמע אַרמסטראָנג באַזיצט 992 אַקציעס פון די טויזענד אַקציעס פון דער קאָמפּאַני אַרמסטראָנג־פּאַציאָלי. פּונקט אַזאַ אָבטיילונג האָט וויקערס אין איטאַליען — וויקערס־טערני.

און אויב ווילהעלם וועט ערקלערען קריעג ענגלאַנד, וועט ער האָבען צו זיינע דיענסטען צוויי ענגלישע אַרסענאַלען — אין פּאַציאָלי און טערני. די איטאַליענישע שיפען, וואָס וועלען זוכען צו פערכאַפּען דעם ענגלישען האַנדעלס־וועג, וועלען שיסען אין די ענגלישע שיפען פון וויקערס האַרמאַטען און זיי אונטערמינעווען מיט די מינעס פון וווהייט היעדס קאָמפּ.

עסטרייך־אונגאַרן איז נאָך מעהר טריי צום דריי־בונד, ווי איטאַליען. און וואָס זעהען מיר דאָרט? די מינען פירמע וווהייט היעד, וועלכע בעלאַנגט פּאַקטיש צו וויקערס און אַרמסטראָנג, האָט גאָר און גאָר צוויי פאַבריקען, איז איינע געפינט זיך, נאַטירליך, אין ענגלאַנד, אין ווייימוט אויפ'ן לאַמאַנש, און די אַנדערע — אין עסטרייכישען האַפען פיאום. מינען־שיפלאַף בויט פאַר דער עסטרייכישער פלאָטע אַן אַנדער ענגלישע פירמע „יאַרראַי לִמטד.“. אויף אַזאַ אופן האָט די ענגלישע מיליטער־אינדוסטריע געשאַפען געגען ענגלאַנד אַ מורא'דיגע מאַכט אויפ'ן מיטעללענדישען ים, און אין פאַל פון אַ מלחמה, וועט זי זיך אַרויפוואַרפען אויף די ענגלישע קריעגס־שיפען אום זיי חרב צו מאַכען, און אויב עס וועט איהר דאָס געלינגען, וועט דאָס זיין אַ דאַנק די פּאַטריאָטישע מינען־פאַבריקאַנטען.

און אַז די פירמען פון פערשיעדענע לענדער, וועלכע זיינען אויסערליך אונאַבהענגיג און אָפטמאָל אויך פיינדליך, בילדען אין דער ווירקליכקייט אַ טראָסט, האָבען מיר אַ בעוויז. 10 יאָהר האָט עקזיסטירט אין ענגלאַנד אַ סינדיקאַט „האַרווע יונייטעד סטיל ענד קאָ.“. ער איז געגרינדעט געוואָרען אין 1901 צו עקספּלואַטירען אַ נייע ערפינדונג — דעם האַרווע פּאַטענט — צעמענטירען שטאָהל פאַר שיף־פּאַנצערס.

דער סינדיקאַט האָט געמאַכט גוטע געשעפטען: דער דיווידענט פון 1910 האָט בעטראָפען 7½%, אין 1911 — 15%. אָבער אויף צוויי זיצונגען פון 15 און 31טען יולי, 1912, איז בעשלאָסען געוואָרען די געזעלשאַפט אויפצולעזען. די סבה איז אונבעקאַנט, און אַ סברה, אַז די גאַנצע אויפלעזונג איז געווען אויף צו פּליסענס. אָבער ווען מיר קוקען זיך צו, ווער עס זיינען געווען די טיילנעהמער פון סינדיקאַט, געפינען מיר 5 ענגלישע פירמען — זעלבסטפערשטענדליך, וויקערס (מיט 2.697 אַקציעס), דזשאָהן בראַון (מיט 7.438 אַקציעס), צוויי פראַנצויזישע פירמעס, צוויי איטאַליענישע, צוויי דייטשע — זעלבסטפערשטענדליך דילינגער און קרופּ (מיט 4.731 אַקציעס) און אויך אַ רייה

אמעריקאַנער פירמעס, ווי „בעטלעהם סטיל קאָמפּאַני“ א. ז. וו.

לאָמיר געהן ווייטער: קרופּ איז פערבונדען מיט שקאָדא אין עסטרייך; שניידער־קרעזא מיט די פּוטילאָווער פאַבריקען אין רוסלאַנד, דילינגער מיט די פאַבריקען אין בעלגיען — האָבען מיר פאַר זיך געהאַט אין דער געשטאַלט פון „האַרוועי־סינדיקאַט“ אן אָפענעם אינטערנאַציאָנאַל פון מיליטערישע פאַבריקאַנטען, וואו דער דייטשער קרופּ האָט זיך געברודערט צוליעב א גוטען געשעפט מיט׳ן פראַנצויז קרעזא. דער סינדיקאַט איז צוערשט אויפגעדעקט געוואָרען פון ניובאלד, און פיעלע ענגלישע פּובליציסטען, ווי פעריס, צווייפלען, צי דער סינדיקאַט האָט זיך אליין אָנגעטהאָן א מיתה בעת עס איז איהם געגאַנגען אזוי גוט. גיכער פון אלין איז ער אויפגעשטאַנען תחית המתים אין אן אַנדער פלאַץ, אונטער אן אַנדער נאָמען, און אפשר אין עטוואָס א פערענדערטער קאָמבינאַציע פון פירמען. ווען ער וועט איצט אויסגעפונען ווערען, וועט עס זיין דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַר די עקספּלואַטאַטאָרס פון נאַציאָנאַלע פאָראורטיילע.

אן אָפענע קאָסמאָפּאָליטישע פירמע איז אויך נאָבעל׳ס דינאַמיט־טראָסט, וועלכער איז פערבונדען מיט דער דינאַמיט־פאַבריק אין דרעזדען, דער דינאַמיט־אַקציאָן־געזעלשאַפט אין האַמבורג, מיט פיעלע עסטרייכישע פאַבריקען און האָט 14 דירעקטאָרס — 6 דייטשען, איין פראַנצוזי א. ז. וו.

אמת, איינצעלנע פירמען קאָנקורירען איינע מיט דער אַנדערער — אַזוי צ. ב. ש. קרופּ מיט קרעזא, ווי עס איז בעקאַנט געוואָרען דורך דער שליחות פון גענעראַל סאנדערס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; אַרמסטראָנג קאָנקורירט מיט וויקערס, ווי אין דעם פאַל מיט דער צאַריצינער ארטילערי־פאַבריק, אָבער עס וועט זיין א טעות צו גלויבען, אז דאָס קעמפּפען זעלבסטשטענדיגע פירמען — ניין, דאָס קעמפּפען קאָמפּאַניאָנען, וועלכע קענען זיך ניט צוטיילען מיט דעם געמיינזאמען פּראָפיט.

די עקזיסטענץ פון אן אינטערנאַציאָנאלען מלחמה־טראָסט, זיין וואַקסענדער איינפלוס אויף דאָס אויסערליכע און אינערליכע לעבען פון די מאָדערנע מלוכות איז א געפאַהר ניט נור פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען פריעדען, נור אויך פאַר די אינטערעסען פון די ברייטע אַרבייטער־מאַסען, פאַר דער דעמאָקראַטיע. ווען די דעמאָקראַטיע וועט ניט טויטען דעם אונגעהייערען שלאַנג — דעם מלחמה־טראָסט, — וועט ער טויטען די דעמאָקראַטיע.

איינער פון די הויפּט־מיטלען צו בעקעמפּפען דעם מלחמה־טראָסט איז אויפדעקען פאַר די פאָלקס־מאַסען זיין אונטעראירדישע טהעטיגקייט. דיזע אויפדעקונגען האָבען פיעל געהאָלפען צום זיעג פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען דעם 10טען מאַי, 1914, דערלאַנגט אַזאַ מורא׳דיגען קלאַפּ דער פאַטריאָטישער רעאַקציע — דער רעאַקציע, וואָס האָט געהאַלטען אין איין פאָדערן נייע בעוואַפנונגען און די פערלייננגערונג פון מיליטער־דיענסט און געהעצט געגען דייטשלאַנד, בעת די זיילען פון דער דאָזיגער רעאַקציע, די קאַנאָנען־קעניגע און שטאָהל באַראָנען, האָבען זיך געהאַט פעראייניגט אין אַ ברידערליכע חברותא פון קרופּ אין דייטשלאַנד, קרעזא אין פראַנקרייך, אַרמסטראָנג און וויקערס אין ענגלאַנד, פּוטילאָוו אין רוסלאַנד, אָדערא־אָרלאַנדא אין איטאַליען און פיעלע אַנדערע, ווי זיי הייסען דאָרט מיט זייערע נעמען — אן אמת׳ע אינטערנאַציאָנאַלע חברותא פון טויט־פאָדריאַדטשיקעס.

ראָלניק

* * *

מיט א האַלבער וועלט צוקריעגט זיך,
מיט א צווייטער זיך צופּעכט;
זיין איך איצט אַליין אין צימער:
ווער פון אונז איז אומגערעכט?

דאָ געזאָגט וואָס מען בעדאַרף ניט,
דאָרטען עפּעס ניט דערזאָגט
און א גאַנצע וועלט איז שונאים,
יעדער שטויסט און יעדער יאָגט.

וועלט דו שעהנע, וועלט דו וואוילע,
עס פערדריסט — מען מוז צוגעהן:
איך וועל קיינמאָל דיר געפעלען,
דו מיך קיינמאָל ניט פערשטעהן.

א. קריטשמאַר־יזרעאלי

די אידען און די אַרבייטער פּאַרטיי אין זיד־אַפריקאַ

1

די רעגיערונגס־מאַכט אין טראַנסוואַל, אין איינעם פון די שטאַרקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין דער וועלט, איז ערשט ניט לאַנג אַריבער צו אַן אַרבייטער־מאַיאָריטעט. ביי די וואַהלען אין פּראָווינציאַל־ראַט האָבען די אַרבייטער קאַנדידאַטען געהאַט דעם נצחון: די פיהרער פון היגען גרויס־קאַפּיטאַל און די וועלכע לעבען פון זיי און אַרום זיי האָבען אויפגעציטערט ניט נור אין טראַנסוואַל, נאָר אויך אין די איבעריגע דריי פּראָווינצען, וועלכע שטעלען צוזאַמען די „יוניאָן אָוו סויטה אַפריקאַ".

איך מוז שוין פון די ערשטע שורות זאָגען, אַז ס'איז דוקא דאָ וואָס מורא צו האָבען, אַז די שוואַכע אַרבייטער־בעוועגונג אין טראַנסוואַל וועט ניט אויסהאַלטען די פּראָבע, פאַר וועלכער זי איז געשטעלט געוואָרען. צוליעב פיעל טעמים איז די אַרבייטער וועלט אין דעם לאַנד דורכגעווירצט מיט אַ גוטער פּאָרציע אַנאַרכיזם און סינדיקאַליזם. איינע פון די וויכטיגסטע אורזאַכען איז דער מאַנגעל אין אַ בעוואוסטזיניגער און שטאַרקער אַרבייטער מאַסע. דער גרונד־עלעמענט פון דער אַרבייטערשאַפט אויף די גאָלד־ און דיאַמאַנטען־מינעס, וואָס זיינען די הויפּט־אינדוסטריען אין דער „יוניאָן", זיינען די שוואַרצע, — די אייראָפּעער זיינען נור אויפפּאַסער אויף זיי, פאָרמאַן'ס, אָדער טוען די אַרבייט, וועלכע פערלאַנגט פון אַרבייטער אַזאַ אינטעליגענץ, וואָס דער שוואַרצער פערמאַגט נאָך נישט. די שוואַרצע זיינען אָבער נאָך גאָר ניט אָרגאַניזירט און נעהמען אין דער אַרבייטער־בעוועגונג קיין אנטייל ניט. אפילו צווישען די אייראָפּעער וואָס לעבען פון ביטערען שווייס עקזיסטירט נאָך אין זיד־אַפריקאַ אַ שרעק פאַר'ן שוואַרצען, וועלכער איז אין לאַנד אין פּראָפּאָרציע צום ווייסען ווי פינף צו איינעם. די אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט איז דערפאַר נאָך יעצט גאָר אַ קליינע מאַכט, און וואו די מאַסע איז שוואַך אין צאהל און בעוואוסטזיין טרעטען אַרויס די „העראָאישע" איינצעלנע מיט זייער איבערטריבענעם רעוואָלוציאָנאַריזם. די עלעמענטען זיינען אָבער שלעכטע פּאַרלאַמענטאַרישע פּאָליטיקער. טהאָמאַס מאַנן איז געקומען פון ענגלאַנד און פאָהרט איצט אַרום איבער זיד־אַפריקאַ צו רעאָרגאַניזירען דעם היגען טרייד־יוניאָניזם נאָך דעם גרויסען, דורך רעפּרעסיעס אונטערדריקטען גענעראַל־סטרייק פון יאַנואַר. ער וועט, הייסט עס, זיין דער לייטענדער גייסט פון דער היגער אַרבייטער דעמאָקראַטיע אין דער נעקסטער צוקונפט, גראַד אין דעם מאָמענט, ווען עס איז אויף איהר אויסגעפאַלען דער גורל דורכצומאַכען די ערשטע פּאַרלאַמענטאַרישע פּראָבע.

אָבער דער זיעג פון דער אַרבייטערשאַפט ביי די פּראָווינץ־וואַהלען איז געווען אַזאַ געשעהעניש, וואָס קאָן אַמאָל מאַכען געשיכטע. דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכענטער ענטפער דער ענגליש־בורישער רעגיערונג מיט איהרע אַפּערעטען־גענעראַלען פון לעצטען קריעג, מיט איהר קליינינקען גענעראַל־גאָווערנאָר וואָס טראָגט על־פּי דער איראָניע פון דער געשיכטע דעם נאָמען פון לאָרד גלאַדסטאָן, מיט דעם גאַנצען געזינדעל אינטערנאַציאָנאַלע גרויס־אַוואַנטוריסטען, וואָס זיינען בעפאַלען זיד־אַפריקאַ ווי היישעריקען נאָך דער ענטדעקונג פון די דיאַמאַנטען־פעלדער אַרום אַראַנזש־טייך און גאָלד־גריבער אין טראַנסוואַל. נאָך די רעפּרעסיעס פון לעצטען יאַנואַר און פון יולי פאָהריגען יאָהר, וועלכע האָבען געהאַלטען דאָס אַרבייטער־געמיטה אונטער דעם דרוק פון פערגאָסענעם בלוט, פון גוואַלד־מיטלען און כמעט רוסישען אויטאָקראַטיזם, האָט דער פרייער גייסט אויפגעאָטעמט מיט דעם אַרבייטער־זיעג ביי די טראַנסוואַלער וואַהלען.

און עס איז אַן אָפענער סוד, אַז די וואַהלען אין טראַנסוואַל זיינען דורכגעגאַנגען מיט אידישער הילף. מעגליך, אַז אָהן איהר וואָלטען די אַרבייטער אויך געהאַט אַ זיעג, אָבער ניט אַזאַ אבסאָלוטען, וואָס גיט זיי איבער דעם קאָנטראָל אויף דעם לעבען פון דער גאַנצער פּראָווינץ—ניט אַזאַ איבערוויגענדען און איבערראַשענדען לויט דער מאַיאָריטעט שטימען (ערטערוויים צוויי־דריטעל פון אַלע), וועלכע קאָנען די וואַהלען מאַכען פאַר אַ נייעם עטאַפּ אין דער געשיכטע פון זיד־אַפריקאַ.

די ראָלע פון די אידען ביי די איצטיגע וואַהלען — מען רעדט דערפון נאָך ניט הויך — האָט דעם איינדרוק געמאַכט פון אַן אומגעריכ־

טען „סקאנדאל אין דער נאָבעלער פאַמיליע" און פריהער פאר אלעמען — צווישען דער אידישער נאָבעלער געזעלשאפט אליין. מען קוקט זיך אן שטומערהייד און מען פרעגט זיך מיט די בליקען : וואָס איז דאָ געשעהן ?

2

די ערשטוינונג האָט איהר גוטען גרונד אין דער ראָלע, אין וועלכער מען איז דאָ געוואויהנט געוועזען צו זעהען דעם אידען. עס איז נאָך ניט געקומען דער היסטאָריקער, וועלכער זאָל אויף זיך נעהמען די ארבייט אָפּצושאצען, וואָס זיינען געוועזען די אידען פאר דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון זיד־אפריקא. איך גלויב, אז אין דעם לאנד האָבען די אידען געשפּיעלט אזא ראָלע, ווי אין קיין אנדער לאנד. מיט זיי און דורך זיי איז דאָס לאנד אויפגעוואקסען, די אידישע ספּעקולאציאָנס־פעהיגקייטען האָבען זיך דאָ ענטוויקעלט צו זייער העכסטער מדרגה.

די שוואַרצע און זייערע אויפפּאַסער די ווייסע.

נאָך מיינע פּערזענליכע אויסרעכענונגען, וועלכע גרינדען זיך אויף אייגענע שטודיען ארום די ערשטע קוועלען, זיינען פון די 250 מיליאָנען דאָלאר גאָלד, וואָס טראנסוואל גיט דער וועלט, יאָהר־אויס־יאָהר־איין, ארום 175 מיליאָנען אונטער אידישען קאָנטראָל. די 50 מיליאָנען דאָלאר דיאמאנטען, וואָס זיד־אפריקא שטעלט יעהרליך צו, קומען כמעט אלע פון געזעלשאפטען, וועלכע אידען האָבען אויפגעבויט. דער גרעסטער טשעק, וואָס איז ווען עס איז געשריעבען געוואָרן (25 מיליאָנען דאָלאר) איז געגעבען געוואָרען פון סעסיל ראדס אפּטרעט־געלד צו אַ אידישען אייגענטימער פון א דיאמאנטען־פעלד אין קימבערליי.

דער האָזיגער איד, ווי אלע איבעריגע, וועלכע זיינען יעצט די מאגנאַטען פון דער גאָלד־ און דיאמאנטען־אינדוסטריע אין זיד־אפריקא, צי זיצען זיי נאָך דאָ ביי די געשעפטען, אָדער רעגיערען פון לאָנדאָן, וואוהין זיי האָבען זיך שוין אריבערגעפּעקעלט — זיינען אָנגעקומען אהער וויסט־ארעם. זיי האָבען די ערשטע צייט געפּעדעלט (אויף דעם בורישען זשארגאָן— „געטאָהט"), פארקויפט די בורען איראָפּעאישע

סחורות און ביי זיי אויפגעקויפט זייערע רויהע פּראָדוקטען, און זיך אַזוי דערשלאָגען צו אַ ביסעל געלד ביז זיי האָבען זיך גענומען צו דער גאָלד־ און דיאַמאַנטען־אינדוסטריע. פון דעמאָלט אָן איז שוין זייער וועג שטענדיג געגאַנגען באַרג אַרויף.

דיאַמאַנטען און גאָלד זיינען אָבער ניט די איינציגע ווירטשאַפטס־צווייגען, וועלכע דער איד האָט ענטוויקעלט אין זיד־אַפריקאַ. די דאָזיגע מדינה איז קודם־כל אַ קאָלאָניאַל־לאַנד, וואָס שטעלט צו אין אייראָפּאַ אַן אונגעהויערע צאָהל רויהע פּראָדוקטען. זיד־אַפריקאַ איז זעהר אַ גרויסער צושטעלער פון וואָל צו דער אייראָפּעאישער טעקסטיל־אינדוסטריע, פון דאַנען קומען אויך הויטען, פעל, שטרויס־פעדערען און ד. גל. די אידען האָבען ניט נור ענטוויקעלט דעם עקספּאָרט און זיינען אויך די הויפּט־עקספּאָרטער, נאָר האָבען איינגעפיהרט נייע פּראָדוקטען, די אַלטע אויכגעבעסערט, אַליין פערשפּרייט צווישען די בורען געניטקייט למשל און אַרויסברינגען בעסערע וואָל, זיי האָבען אַריינגעבראַכט צו דעם צוועק ניט בעקאַנטע מינים שאָף פון אַזיען, אַוועקגעשטעלט אויף אַ געהעריגער הויך דעם שטרויסען־צוכט.

אויך אין לאַנד־ווירטשאַפט האָבען די אידען געוויעזען אַ ביישפּיעל. איינער פון די רייכסטע גרונד־בעזיצער אין אַפריקאַ, וועלכער פאַרמאָגט לענדערייען, וואָס גלייכען זיך צו אַ 40סטען חלק פון דעם גאַנצען שטח פון פראַנקרייך, איז אַ רוסישער איד פון קאָוונער גובערניע, וואָס האָט דאָ אַ צייט „געטאַחט" ביי די בורען, טראָגענדיג פּעקליך אויף די פּלייצעס און אַרומפאָהרענדיג מיט וועגעלעך איבער די פאַרם'ס. ער האָט ביי זיך אויף די פאַרם'ס געלעגט דעם פונדאַמענט פון גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אַגריקולטור־ווירטשאַפט. ער איז טאַקי אַפילו נאָר איינער אין אַזאַ מאַסשטאַב, אָבער איהם האָבען נאָכגעטהון נאָך פיעל קלענערע אידען, וועלכע האָבען גרויסע לאַנד־ווירטשאַפטען אין די הונדערטער — אין טראַנסוואַל, פריישטאַט, נאַטאַל און קייפּ־פּראָווינץ.

דער גייסט, וועלכען אידען האָבען אַריינגעבראַכט אין היגען ווירטשאַפטליכען לעבען, איז געווען די גרויסע ספּעקולאַציאָן. דאָס האָט אויך אַזוי ענטשפּראָכען דעם גייסט פון דעם ענגלישען פאָלק, וועלכער איז שוין לאַנג בעטיטעלט געוואָרען מיט דעם נאָמען „גרויסער קרעמער" און מיט וועלכען די אידען האָבען דאָ געאַרבייט האַנד ביי האַנד. סעסיל ראָדס, דער פאָטער פון היגען ענגלישען גרויס־קאַפּיטאַליזם און דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ענגליש־בורישער מלחמה, האָט שטאַרק געליעבט די אידען, זייער גרויס־שטרעבעריי, און איז געווען אַרומגערינגעלט פון זיי, פאַר אַ ביישפּיעל זיי אַלעמען געצייגט. און ווי געזאָגט, האָט די אידישע ספּעקולאַציאָן אַרומגענומען ניט נור די ריינע אינדוסטריע, דעם האַנדעל, דעם עקספּאָרט, נאָר אויך די לאַנד־ווירטשאַפט. דער טיפּ פאַרם, וועלכער איז צווישען אידען אין זיד־אַפריקאַ פערברייטעט, איז גרויס־פאַרם, וואו מען קאָן האָדעווען גרויסע מענגען פיה, פּראָדוצירען אונגעהויערע קוואַנטיטעטען מאַאיס און קאַרטאָפעל. ליעבע צום אַנגעזעסענעם שטיקעל פּלאַץ, וואָס וואַרעמט די נשמה ביים געוועהנליכען קליין־פאַרמער, — דאָס זאָלט איהר דאָ ניט זוכען — ניט נור ביים אידען, אויך ניט ביים ענגלענדער, וואָס איז זעהר עהנליך צום אידען. רויב־ווירטשאַפט, גרויסע פערדיענסטען, אומגעלומפּערט עקסטענסיווע בעאַרבייטונג, קויף און פאַרקויף, אָפּטע בייטעניש פון די פּלעצער — דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון דעם אידישען נאָך מעהר ווי פון דעם ענגלישען פאַרמער.

אָבער דאָס האָט ענטוויקעלט דאָס וויסטע לאַנד, האָט עס בעריייכערט און אויך בעריייכערט דעם לאַנד־ווירט. דער איד האָט אויסגעלעהרנט אויך דעם בור צו פערשטעהן דעם ווערט פון לאַנד־פּראָדוקטען, געעפענט מאַרקען פאַר איהם, אויפגעהויבען די פּראָדוקטען אין פּרייז און זיי איבערהויפּט געמאַכט פאַר אַ סחורה. דער איד האָט מצליח געווען און נאָך מעהר פון איהם דער בור, וועלכער האָט זיך פון ספּעקולאַציאָן דאָך אָפּגעהאַלטען, זיך ניט אונטערוואַרפענדיג אַלע איהרע שיקזאַל־ענדערונגען.

די רעדע איז ביז אַהער געווען נאַטירליך נור פון די אידען, וועלכע האָבען זיך שוין „אַרויפגעאַרבייט", זיינען שוין „געמאַכטע מענשען". אָבער עס איז נישטאָ דער איד, וואָס קומט קיין זיד־אַפריקאַ מיט אַן אַנדער געדאַנק ווי נאָכטהון דעם ביישפּיעל פון יענע. אומזיסט וועט איהר דאָ זוכען אידען, וואָס ווילען פּשוט „אַ לעבען מאַכען", זאָגאַר אַ גוטען לעבען מאַכען — דער רוהיגער מיטעלער און שטאַנדהאַפטיגער טיפּ איד פעהלט דאָ לגמרי. איז ער נאָך נישט רייך געוואָרען — גראָבט ער מיט דער נאָז די ערד — רייך צו ווערען. פיעלייכט איז דאָס אַ פּועל יוצא דערפון, וואָס איבערהויפּט פעהלט דאָ דער מיטעל־קלאַס אָדער דער געזונדער אַרבייטער־קלאַס.

ווייטער גערעדט, למאי זאָל עס אַ איד בלייבען עפּיס אַ „פּשוט'ער בשר ודם", אַז די גאַנצע לופט איז אָנגעפילט מיט שטרעבעניש, אַוואַנטוריזם.

אָנהויבען הויבט ער אויך אָן פון „טאָחען", דערנאָך ספּעקולירט ער, די מעהרסטע שאַרען זיך צו די גאָלד־ און דיאַמאַנטען־מינען. אַלס צושטעלער פון סחורות צו די שוואַרצע און ווייסע אַרבייטער. דער דאָזיגער מסחר — אַז ער גליקט אָפּ — איז ער ממש אַ גאָלד־גרוב . . . די רעגיערונג האָט מורא פאַר די קאָנצענטרירטע שוואַרצע אַרבייטער און האַלט זיי שטאַרק אונ־

טער איהר אויג, זי איז צופריעדען, אז זיי פארלאזען ניט די טעריטאָריע פון די מינעס, און לאָזט גערן די אידען צושטעלען זיי די נויטיגע זאכען צום לעבען דירעקט אויף דער מינע. די פערוואלטונגען געבען ארויס קאָנצעסיעס אויף ספעציעלען קלייטען, חארטשעווניעס און שטעלען שוין צו די קאנצעסיאָנערען די געלדער, וואָס זיי באָרגען די ארבייטער — מען רעכענט עס אראָפּ פון ארבייטס־לוין.

איבערהויפּט זעהט מען דעם עקעלהאַפטעסטען טיפּ פון מענשען אהום די געשעפטען, פון וועלכע מען ווערט שנעל און אָהן קאָפּוועהטאָג רייך. ביי די גאָלד־מינען, וואו יעדער זעהט מיט די אויגען, ווי דער אנדערער ווערט רייך — פארלירט דער מענש זיין גאנצען צלם אלהים. ער ווערט א רויב־חיה ! דאָסזעלבע געשעהט מיט דעם אידען. פארטאָרעט, שמעקענדיג מיט דער נאָז, וואו קאָן מען זיך דאָ אנווארעמען די הענד און דערנאָך ארויסשטעלען דער וועלט א פייג, ווארפעניג זיך אויף אלין אין דער וועלט, אבי צו בעקומען די אפּותיקא, ארבייטענדיג טאָג און נאכט ווי אויף א שטענדיגען יריד, וואו מען דארף גיכער אָפּכאַפּען וואָס איז מעגליך — ווערט דער איד דאָ א בינטעל נערווען און געהט ארום מיט אן אייביגען הונגער נאָך געלד. וויפיעל ער האָט איז איהם קארג.

אָט דאָס איז די מעהרהייט פון די אידען אין זיד־אפריקא. צוויי הויפּט־שיכטען בילדען זיי — די איינע איז ש ו י ן רייך געוואָרען און די אנדערע ז ו כ ט ערשט רייך צו ווערען, אָבער ביידע שטעהן אין דיענסט פון עגל הזהב, איינע אלס „געמאכטע מענשען“, די אנדערע אלס „ווערענדע מענשען“.

איז זיך דאָ ניטאָ וואָס צו וואונדערען, וואָס די אידען אין טראנסוואל זיינען פּלוצלינג אזוי ליבעראל געוואָרען ? ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, האָבען זיי געהאט וויכטיגע עקאָנאָמישע גרונדען צו טהון פּונקט פארקעהרט.

3

פּאָליטיש — קעמפּפען אין זיד־אפריקא צוויי גרויסע פּארטייען, די נאציאָנאליסטען און יוניאָניסטען. די ערשטע פערטיידיגען די אויבערהערשאפט פון די בורען, די אנדערע — די ענגלישע עראָבערונג. דער גרונד־שטרייט איז די פראגע פון אימיגראציע. די בורען ווילען בלייבען די הערערן—און זיינען געגען פרייער אימיגראציע, די ענגלענדער — פערלאנגען פרייע אימיגראציע פון פרעמדע עלעמענטען אום דער בורען־עלעמענט זאָל פערשלונגען ווערען. אגב זיינען די ענגלענדער נישט נור פּאָליטיש פעראינטערעסירט אין פרייע אימיגראציע, נאָר דערהויפּט עקאָנאָמיש : — זיי האָבען גרויסע קאפּיטאליען ארייננגלעגט אין לאנד און אין אינדוסטריען אין דער האָפנונג נאָך דער מלחמה זאָל זיך די אייראָפּעאישע אימיגראציע פערגרעסערען און דורך דעם וועט דאָס לאנד טהייער ווערען און די אינדוסטריען — זיך פערשטארקען. דער בור האָט אָבער דעם שליסעל פון לאנד, האָבענדיג א מאיאָריטעט אין יוניאָן־פארלאמענט און זוכט אלץ צו האלטען אין צוים די ענגלישע אפּעטיטען.

צו די הויפּט־פראגען טוליען זיך שוין צו די פראגען פון קולטורעלער אויבערהערשאפט, פון נאציאָנאלער זעלבסט־ערהאלטונג וכדומה. בקצור, די צוויי פארטייען זיינען זיך בלוט־שונאים.



די שוואַרצע ביי אַ בויער־מאשין

אָבער די שונאים ווערען פריינד, ווען עס קומט צו פערטיידיגען דעם געמיינזאמען געלדזאק. אין דער קאפּיטאליסטישער ענטוויקלונג פון לאנד זיינען ביידע פעראינטערעסירט. די רעגיערונג, וועלכע איז אין גרונד־גענומען ארעם, לעבט פון די רייכע גאָלד־ און דיאמאנטען־גריבער ניט בעלעסטיגענד דעם לאנד־ווירטה. די בורען ווערען אויך רייך פון די גרויס־אינדוסטריען, ווייל זיי קאָנצענטרירען גרויסע מאסען ארבייטער, דורך וועלכע עס ווערען טהייער די פּראָדוקטען און ברייננגען אריין דעם בור שווערעם געלד. די בורישע בעפעלקערונג ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג און רינגעלט זיך ארום מיט אונערהערטען גלאנץ און לוקסוס. אפשר איז לאנד־ווירטשאפט נאָך ניט אזוי אנציהענד ווי די גרויס־אינדוסטריע, דערפאר איז אין איהר דאָ ווייניגער ספּעקולאציאָן און מעהר זיכערהייט. די בורען זיינען ניט קיין נארען, וואָס זיי ריהרען זיך ניט פון לאנד און לאָזען זיך פארען ביים גאָלד די אייראָפּעער און די אידען.

דאָס גאָלד בלייבט זיכער ביי זיי — און זייער לאַנד ווערט שעהנער און רייכער פון יאָהר צו יאָהר.

דאָס ברייננט דערצו, אַז אַלץ וואָס שטערט דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג פון לאַנד, ברייננט ביידע עלעמענטען אין זיד־אַפריקא אין ווילדעסטען גרים־צאָרען. און יעדע אַרבייטער־בעוועגונג איז דאָך „נאַטירליך“— אַ שטערונג צו דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, וואָרום, טענה'ן זיי, אַז געלד וועט נישט צאָהלען אַזעלכע גרויסע פּראָצענטען אין זיד־אַפריקא ווי יעצט, וועט עס אהער נישט געהן פון אייראָפּא — און דאָס לאַנד וועט בלייבען הינטערשטעליג. קיין וואונדער, וואָס אקעגען דער אַרבייטער־בעוועגונג זיינען ביידע פּאַרטייען אויפגעבראַכט — און די רעגיערונג האָט פאַר איהרע ווילדעסטע געוואַלטמיטלען געגען די אַרבייטער ביידע טיילען פון פּאַרלאַמענט.

דער סטרייק פון יולי 1913, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט בלוט־פערגיסונג, און אַ פּשיטא שוין דער דערשטיקטער גענעראַל־סטרייק פון לעצטען יאנואר האָט די פּאַרטייען נאָך שטאַרקער צוזאַמענגעבונדען אין זייער קאַמפּף געגען אַרבייטער. דערצו זיינען געווען וויכטיגע מאָטיוון. אין יולי האָבען זיך די קאַפּיטאַליסטען צונויפגערעדט און האָבען קינסטליך פאַרקלענערט די פּראָדוקציאָן. צעהנדליגער טויזענדער שוואַרצע, וועלכע זיינען געבליבען אָהן אַרבייט, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען צוריק אין זייערע ווייטע פּראָווינצען. דערפון האָט זיך אָנגעהויבען אַ געקינצעלטער עקאָנאָמישער קריזיס, פון וועלכען עס האָט געליטען דער לאָקאַלער מאַרק, דער קרעמער און דער בור, ווייל עס האָבען געפעהלט געברויכער און עס איז ווייניגער געוואָרען דער צופלוס פון געלד, וואָס די גאָלד־פּראָדוקציאָן וואַרפט אַרויס אויף דעם היגען מאַרק, בעפאָר זי בעקומט דאָס גאָלד פון דער ערד.

אין יאנואר האָט זיך געדוכט, אַז די אַרבייטער־בעוועגונג וואַרפט אויפרייסענדען שטאָף אויך אין לאַגער פון די שוואַרצע. דאָס האָט אַלעמען געוואָרפען אין אַ קדחת. די רעגיערונג ציטערט איבערהויפּט פאַר דער שוואַרצער געפאהר. גענוג מיה האָט עס אָפּגעקאָסט ביז מען האָט ביים שוואַרצען אויסגעלאָשען יעדען פונק פון פּערזענליכקייט, ביז מען האָט איהם אַזוי ערנידעריגט און נאָכגיעביג געמאַכט, אַז ער זאָל זיך לאָזען צוימען. און דאָ וויל מען איהם אויפמונטערען! דעם גרויס־קאַפּיטאַל האָט עס געוואָרפען אין אַ קאַלטען שוויים, טאָמער הויבט דער שוואַרצער אויך אָן צו שטעלען תנאים. ביז אהער איז ער די סטראַשידלע, מיט וועלכער מען שרעקט דעם ווייסען: — ווילסטו ניט די בעדינגונגען, גוט — מיר בעדאַרפען דיך ניט, שוואַרצע וועלען דיין אַרבייט טהון און פלוצלונג וויל מען די איינציגע רוט אַוועקנעהמען ביים גאָלד־באַראָן. די בורען האָבען געציטערט, טאָמער פערשטאַרקט זיך דער קריזיס און נאָך אַרבייטער וועלען אַרויסגעשיקט ווערען פון טראַנסוואַל אין זייערע פּראָווינצען.

די רעגיערונג האָט זיך געשטיצט אויף די פעראייניגטע קרעפטען געגען דער אַרבייטער־בעוועגונג, האָט שנעל פּראָוואָצירט אַ גענעראַל־סטרייק און טאַקי שוין באַלד אַרויסגערופען די בורען פון די דערפער אַלס מיליץ, ערקלערט קריעגס־צושטאַנד און דערשטיקט מיט דעם גרעסטען אכזריות יעדען לעבעדיגען אטעם. די פיהרער פון דעם אַרבייטער קלאַס זיינען אָהן צערעמאָניעס אַרעסטירט געוואָרען און ניין פון די וויכטיגסטע זיינען ביינאַכט געהיים אַרויסגעפיהרט געוואָרען צום ים, אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און אָפּגעשיקט קיין ענגלאַנד. תיכף נאָכדעם איז דער פּאַרלאַמענט צוזאַמענגערופען געוואָרען, פון וועמען די רעגיערונג האָט בעקומען אַ מחילה אויף אַלע איהרע חטאים אונטערגעשריעבען פונ'ם גענעראַל־גאָווערנאָר לאָרד גלאַדסטאָן און אַ געזעץ, לויט וועלכען די אַרויסגעשיקטע קאָנען שוין קיינמאָל נישט קומען קיין אַפריקא. אויסערדעם, שיט די רעגיערונג ערשט יעצט מיט געזעץ־פּראָיעקטען, וועלכע מאַכען כמעט אומעגליך יעדע פרייע עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע בעוועגונג פון אַרבייטער. דאָס איז געבאַקען געוואָרען איינס נאָך דעם אַנדערען שנעל, ווי דורך אַן אַנגעשטעלטע מאַשין.

דערויף איז אין טראַנסוואַל געגעבען געוואָרען דער ענטפער ביי די וואַהלען צום פּראָווינציאַל־ראַט, נאָך וועלכען אַלע האָבען אויפגעאַטעמט אַ ביסעל פרייער און די רעגיערונג איז איינפאַך ערשטוינט געבליבען.

פאַר איהר האָבען די וואַהלען נאָך אַ גאַנץ בעזונדערען שרעק. קייפּ־פּראָווינץ און נאַטאַל זיינען אַלטע ענגלישע פּראָווינצען פון 1808 יאָהר אָן; אָראַנזש־פרייסטאַט איז דוקא בוריש אָבער איז שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש, פערלאַנגט מעהר פרייהייט פאַר בורען און איז אין סימפּאַטיע מיט דעם אַרבייטער אויס שנאה צום ענגלישען קאַפּיטאַליסט, וועלכער וויל פאַר זיך אַליין דאָס גאַנצע לאַנד; בלייבט טראַנסוואַל — די פעסטונג פון דעם בורען־עלעמענט און זיין רעגיערונג. אויב טראַנסוואַל געהט אַריבער צו די אַרבייטער, וואו בלייבט די רעגיערונג?

די אידען אין זיד־אַפריקא זיינען פערטרעטען אין ביידע פּאַרטייען. שוין צוליעב זייער עקאָנאָמישער ראָלע אַליין מוז זייער פּאָליטישער איינפלוס זיין גרויס. די גרויס־אינדוסטריעלער פון יאָהאַנעסבורג און קימבערלי זיינען פערטרעטען אין יוניאָן־פּאַרלאַמענט דורך די אידען סיר לייאָנעל פיליפּס, קוירנעל סיר דייוויד האַררים און עמיל נייטען. אָבער חוץ דעם

האָט ענגלאַנד שוין איבערהויפּט די מעלה, וואָס אין פּאָליטיק פּרעגט עס נישט איד—קריסט, אין די קאָלאָניען — אודאי נישט. דעריבער האָבען די אידישע דעלעגירטע — מיט איין אויסנאָהמע — שטאַרק אונטערשטיצט די רעגיערונג. דערביי האָבען זיי ניט אָהן לאָגיק געמיינט, אַז זיי האַנדלען אויך אין די אינטערעסען פון זייערע אידישע וועהלער, וועלכע זיינען פּונקט ווי די בורען פּעראינטערעסירט אין דעם רוהיגען פאָרטשריט פון קאַפּיטאַל.

אין אמת'ן טאַקי זיינען די היגע אידען פּעראינטערעסירט דערין. דער קלענסטער קריזיס ווארפט זיי מעהר ווי אַלעמען, ווארפט זיי ארויס אויף דער גאַס. הונדערטער פּערמעגליכע און רייכע אידישע פירמען זיינען אין לעצטען יאָהר דורך דעם קריזיס געגאַנגען געבראָכען און נאָך מעהר — ווארטען זייער שווארצען סוף אין דער נעקסטער צוקונפט.

און דאָך איז געשעהן אַ וואונדער: אַוועקשטעלענדיג אייגענע אינטערעסען אַן אַ זייט, זיינען די אידען אין טראַנסוואַל, וואָס קומען פון רוסלאַנד און געדענקען גוט, וואָס גוואַלדמיטלען און רעפּרעסיעס בעטייטען, וואָס אונטערדריקונגען הייסען — זיינען זיי געגאַנגען איינס נאָך'ן אנדערן צום שטים־קאַסטען און האָבען געהאָלפען ברייגגען דעם טריאומפף פון דער ארבייטער־פּארטיי.

נו, פרעג איך אייך, קען מען עפּעס קלוג ווערן מיט'ן אידען!

איך הער, די רעגיערונג און דער פּאַרלאַמענט זיינען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די רוסישע אידען אין טראַנסוואַל און האָבען ברעה שווערער צו מאַכען די רוסישע אימיגראַציאָן אין לאַנד. דער רוסישער פּראָטעסטאַנטישער גייסט שמעקט זיי ניט, און שוין הערט זיך פון דער אידישער בורזשואזער זייט: רעכט אויף אייך!

די אידישע גרוים־בורזשואזיע ווייזט איצט איהר אמת'ן קאָליר. און מיר וועלען נאָך זעהן, וואָס זי וועט דאָ אויפשפּיעלען!

לעאָ דייטש

אהרן זונדעלעוויטש

(פון דער סעריע: „אידען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג")

1

די יאָהרען פון קאַמפּף

נאָך איידער איך האָב זיך מיט איהם בעגעגענט, האָב איך געקענט „משה'ן" — אַזוי איז געווען זיין רעוואָלוציאָנערער צונאָמען. קיין „וואונדער" פּלעגט מען פון איהם ניט דערצעהלען, קיין לעגענדען זיינען וועגען איהם ניט ארומגעגאַנגען. אין די 70ער יאָהרען איז דוקא געווען אַ מאָדע צו געבען אַ העלדען־טיטעל יעדען אנגעזעהענעם רעוואָלוציאָנערען טהוער. אָבער יעדעם מאָל ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ פּראַקטיישער אונטערנעהמונג, האָט מען אָפּט געקענט הערען: „לאָמיר אָקאָרשט אָבוואַרטען, ביז וואַנען „משה" וועט קומען, — וואָס וועט ער זאָגען" א. ז. וו.

עס איז אויסגעקומען אַז „משה" איז אַ ספּעציאַליסט, אַן עקספּערט אין פיעלע זאַכען. און אין דעם טאָן, מיט וועלכען די חברים, כמעט אויסשליסליך קריסטען, פּלעגען ארויסריידען דעם נאָמען „משה", פּלעגט זיך פּיהלען אַזאַ מין צערטליכקייט — עס איז קענטיג געווען, אַז משה איז דער אַלגעמיינער ליעבלינג.

דאָס איז געווען אין זומער פון יאָהר 1878. איך מיט נאָך צוויי חברים, אַנטלויפענדיג פון קיעווער געפענגניס, זיינען מיר פערפאָהרען אין פּעטערבורג און געקומען אין אַ נאָהענטע בעריהרונג מיט די מיטגליעדער פון „זעמליא אי וואָליא" — אַ געזעלשאַפט, ווי איך האָב שוין געשריעבען, געגרינדעט פון מארק נאַטאַנסאָן. מארק נאַטאַנסאָן איז שוין „אויף דער פריי" ניט געווען, דאָס רעדעל האָבען געפיהרט זיין פרוי אָלגא נאַטאַנסאָן און אנדערע פּראָמינענטע מיטגליעדער פון דער גרופּע, צווישען וועלכע דעם ערשטען פּלאַץ האָט פערנומען זונדעלעוויטש. גראַד איז ער אויך ניט געווען אין פּעטערבורג. ער, „דער מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען", ווי מען האָט איהם אין שפּאַס גערופען, (דער גרענעץ־איבערפיהרער, דער ממונה איבער דער קאָנטראַבאַנד), האָט ארויסבעגלייט קיין אויסלאַנד די בעריהמטע ווערא זאַסוליטש. נאָכדעם ווי זי איז פון

געריכט בעפֿרייט געוואָרען פֿאַר איהר פֿערזוך צו דערשיסען דעם פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק גענעראַל טרעפּאָוו, האָט די פּאָליציי אַלץ נאָך געזוכט זי צו אַרעסטירען.

די חברים מיטגליעדער פֿון „זעמליאַ אי וואָליאַ" האָבען זיך ניט געקענט אַבלויבען פֿון משה'ס בריה'שקייט, פֿון זיינע מערקווירדיגע איינפֿעלע. ניט אַזוי מיט זיין טעכנישער געניטשאַפֿט, ווי מיט זיין פּראַקטישען חוש האָט ער אַרויסגערופֿען אַלעמענס בעוואונדערונג. מען פֿלעגט דערצעהלען, ווי ביליג און כמעט אָהן יעדע ריזיקע ער שוואַרצט אַריבער איבער'ן גרענעץ מענשען און טראַנספּאָרטען ליטעראַטור און אַנדערע נויטיגע זאַכען. עס האָט נאָך ביי איהם ניט געטראָפֿען קיין איינציגער דורכפֿאַל. און וויפֿיעל מענשען זיינען אומגעקומען און וויפֿיעל געפּעק זיינען פֿערלאָרען געגאַנגען אויפֿ'ן גרענעץ איידער ער האָט זיך גענומען דערפֿאַר! אָבער זיין קרוין־אַרבייט איז געווען די דרוקעריי פֿון „זעמליאַ אי וואָליאַ", וואָס ער האָט איינגעאָרדנעט אין סאַמע הויפּטשטאָט, אונטער דער נאָז פֿון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט.

שוין פֿריהער האָבען איניגע רעוואָלוציאָנערע גרופּען דאָ און דאָרט געשטעלט דרוקערייען. אָבער, ערשטענס, זיינען זיי געווען טעכניש אונבעהאָלפֿען, און צווייטענס פֿלעגען זיי זיך לאַנג ניט האַלטען. זיי פֿלעגען באַלד פֿערכאַפּט ווערען צוזאַמען מיט די מענשען. און ביי די רעוואָלוציאָנערען האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ מיינונג, אַז עס לוינט ניט צו שטעלען דרוקערייען אין רוסלאַנד: אי די ריזיקע איז גרויס, אי טעכניש וועלען זיי קיינמאָל ניט זיין צופֿריעדענשטעלענד. אָבער דאָ איז מיט יעדען טאָג געוואַקסען די נאָכפֿראַגע אויף אַגיטאַציאָנס־ליטעראַטור. דאָס, וואָס פֿלעגט אָנקומען דורך קאָנטראַבאַנדאַ, וואָס זונדעלעוויטש טאַקע אַליין פֿלעגט דורכשמוגלען אויף אַ גלענצענדען אופֿן, איז ניט געווען גענוג. איז זונדעלעוויטש געקומען צו זיין פּלאַן צו גרינדען אַ דרוקעריי אין פּעטערבורג. דער פּלאַן האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע פֿון די חברים. אָבער זונדעלעוויטש האָט זיך ניט געלאָזט שטערען. איינמאָל האָט ער זיך וואָס אַריינגענומען אין קאָפּ פֿלעגט ער שוין זיינס דורכפֿיהרען. ער לערנט זיך אַליין אויס זעצען, ער אַליין פֿאָהרט קיין אויסלאַנד און ברייננגט אַ ספּעציעלע דרוקמאַשין, און ער ריכט אויס אַן אויסגעצייכענטע דרוקעריי אין פּעטערבורג אויף צו להכעיס דער אָפּענער און געהיים־פּאָליציי.

ווען מיר זיינען געקומען אין פּעטערבורג, האָט די דרוקעריי שוין עקזיסטירט אַ האַלב יאָהר, זי האָט אַרויסגעלאָזען אַ וועלט מיט בלעטלאַך און בראָשורען, און אויף די בלעטלאַך און בראָשורען איז אויסדריקליך געשטאַנען: „געדרוקט אין דער פּעטערבורגער פֿרייער רוסישער דרוקעריי" און אויך: „אין גיכען פֿאַנגט אָן צו ערשיינען אַ פּעריאָדישער זשורנאַל „זעמליאַ אי וואָליאַ".

די אַלמעכטיגע געהיים־פּאָליציי — די בעוואוסטע „דריטע אַבטיילונג" — איז צוזעצט געוואָרען אַרומזוכענדיג די דרוקעריי. נאָך יעדען ערשיינענעם בלעטעל פֿלעגט זיך אָנהויבען אַ ווילדער געלאַף פֿון די שפּיאָנען איבער פּעטערבורג. און נאָך לאַנג, לאַנג האָט זי אַזוי אַרומגעזוכט.

ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט, אַז דאַמאַלס — אונטער דעם איינדרוק פֿון דער אַקאַרשט פֿערענדיגטער טערקיש־רוסישער מלחמה, פֿון וועראַ זאַסוליטש'ס שאָס און פֿון דעם בעריהמטען פּראָצעס פֿון די „193" — האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבען אַ געזעלשאַפֿליכע אויפֿלעבונגג, קאָן מען פֿערשטעהן, ווי וויכטיג עס איז געווען פֿאַר די רעוואָלוציאָנערען די מעגליכקייט זיך צו בענוצען מיט אַ פֿרייען געדרוקטען וואָרט. און די מעגליכקייט פֿון אַ פֿרייען געדרוקטען וואָרט האָט מען הויפּטזעכליך געהאַט צו פֿערדאַנקען זונדעלעוויטשען, אָבער דאָס איז ניט געווען דער איינציגער אויפֿטהו פֿון „משה'ן".

* * *

זונדעלעוויטשעס רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבען מיט 3—4 יאָהר פֿריהער, נאָך איידער מיר האָבען זיך בעקענט. שטאַמען שטאַמט ער פֿון ווילנאַ, געבאָרען אין יאָהר 1854, ביי אַ איד אַן אָרימאַן, אַ מטופּל מיט פֿיעל קינדער. דאָרט האָט ער אויך געלערנט אין דער ראַבינער שול. ווען דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט פֿערכאַפּט די רוסישע יוגענד, האָט אַ פֿריש ווינטעלע אויך גענומען בלאָזען אין ווילנאַ און איז אויך אַריינגעדרונגען אין דער ראַבינער שול. די שילער האָבען זיך געוואָרפֿען מיט התמדה לייענען פֿערבאָטענע ליטעראַטור, לערנען מלאכה און מען האָט זיך אויך געגרייט צו געהן אין פֿאָלק . . .

כאָטש זונדעלעוויטש מיט זיינע חברים האָבען געלעבט אין אַזאַ אידישע שטאָדט ווי ווילנאַ, איז זיי ניט איינגעפֿאַלען צו טראַגען דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק צווישען זייערע ברידער די אידען. סאָציאַליזם איז בלויז פֿאַר דער קריסטליכער בעפֿעלקערונג. ווי משונה דאָס זאָל ניט זיין, ערקלערט זיך דאָס פּשוט. איך האָב שוין וועגען דעם גערעדט אין די ערשטע אַרטיקלען פֿון דער סעריע. די אידישע יוגענד האָט זיך געהאַלטען אַן דער דאַמאַלס פֿערשפּרייטער מיינונג, אַז אידען זיינען כלומרשט ניט פֿעהיג צו פּראָדוקטיווער פֿיזישער אַרבייט. דאַרף מען צוערשט פּראָפּאַגאַנדירען סאָציאַליזם צווישען רוסישען פֿאָלק, און ווען די נייע אָרדנונג וועט איינגעפֿיהרט ווערען, וועלען שוין די אידען וואַרפֿען זייער קרעמעריי און

מעקלעריי און אריינגעצויגען ווערען אין ניצלי־
כע בעשעפטיגונגען.

בלויז איינער איז געווען צווישען זונדעלע־
וויטשעס חברים, וועלכער האָט דאָך געגלויבט,
אז דער אידישער קבצן וועט האָבען אן אָפע־
נעם אויער פאר'ן סאָציאַליזם — דאָס איז גע־
ווען דער שפּעטער בעריהמט געוואָרענער אהרן
ליבערמאַן, וועלכער קען מיט רעכט גערופען
ווערען „דער ערשטער בונדיסט“.

ניט לאַנג אָבער האָט זיך געהאַלטען דיזער
חבר'שער קרייז, ניט קוקענדיג אויף די גינסטי־
גע בעדינגונגען. אין שטאָדט האָבען זיך גע־
פונען מוסרים, וועלכע האָבען ארויסגעגעבען די
יונגע לייט צו דער פּאָליציי. זונדעלעוויטש, לי־
בערמאַן, יאַבלאָסאָן און אנדערע האָבען געמוזט
ווערען „אונלעגאַל“ — ד. ה. לעבען אויף פאַל־
שע פּאַספּאָרטען, אָדער ארויסקלייבען זיך קיין
אויסלאַנד. פון ווילנא, וואָס איז נאָהענט צום
גרענעץ, איז עס זעהר לייכט. זונדעלעוויטש בע־
זעצט זיך אין קעניגסבערג, וואו ער בעקענט
זיך מיט די אופנים, ווי אזוי קאַנטראַבאַנדאַ
ווערט געשוואַרצט איבער'ן פּרייסישען גרענעץ.

נאָך פאַר זונדעלעוויטש'ען האָבען די רע־
וואָלוציאָנערען געהאַט פערבינדונגען מיט'ן
דרום־ און צפון מערב־גרענעץ — וועגען דעם
האָט זיך געזאָרגט די אָרגאַניזאַציע, וועלכע
איז געשאַפען פון נאַטאַנסאָנ'ען און וועלכע
געהט אונטער פאַלשען נאָמען: „טשאַיקאָוו־
צעס“. די פערבינדונגען האָט אויפגעהאַלטען
אויף א ווילנערקע אננא עפּשטיין. זי האָט דאָס
צונויפגעפיהרט זונדעלעוויטש'ען מיט די
„טשאַיקאָווצעס“. זונדעלעוויטש'ען איז אויך
בעקוועמער געווען אויפצוהאַלטען בעציהונגען
מיט פּעטערבורג, ווי מיט ווילנא, וואו די פּאָלי־
ציי האָט איהם גוט געקענט. דערפאַר, ווען
נאַטאַנסאָן האָט געגרינדעט זיין צווייטע אָר־
גאַניזאַציע „זעמליאַ אי וואָליאַ“, איז זונדעלע־
וויטש געוואָרען זיין „מיניסטער פון אויסלענ־
דישע אנגעלעגענהייטען“.

* * *

ווען מיר זיינען זומער 1878, נאָך'ן אנט־
לויפען פון קיעווער געפענגניס, אָנגעקומען
קיין פּעטערבורג, איך, סטעפאַנאָוויטש און
באָכאַנאָווסקי, — האָבען מיר ניט גערעכענט
לאַנג צו פערבלייבען דאָרט. מיט דער הילף פון
„זעמליאַ אי וואָליאַ“ וועלען מיר זיך ארי־
בערפּעקלען קיין אויסלאַנד, כדי צו פערשאַרען
דעם סליאַד. ערשט, עס שטעלט זיך ארויס, אז
ווייל „משה“ איז ניטאָ, קאָן מען גאָר נישט
מאַכען. און משה, אוועקפיהרענדיג זאַסוליטש,
האָט זיך פערזאַמט אין וועג. אונזער אונגע־
דולד האָט געהאַלטען אין איין שטייגען. און
איינמאָל, ווען מיר זיצען אזוי פערטרויערטע,
עפענט זיך די טהיר און מיט גיכע טריט קומט
אריין משה, אין דער בעגלייטונג פון א חבר.

איך האָב זיך אָנגעזעהן פערשיעדענע
סאָרטען אידען, אָבער, אָהן איבערטרייבונג, קיי־
נער האָט אויף מיר אזא שטאַרקען איינדרוק ניט
געמאַכט, ווי משה. ער האָט תיכף געוואונען
מיין הארץ. פון זיין טיפּיש אידישען געזיכט
האָט געלויכטען אזא איידעלקייט, אזא עהר־
ליכקייט ביז גאָר, א האַרמאָניע פון קלוגשאַפט
און גוטסקייט. ער איז קוים אלט געווען 23
ביז 24 יאָהר, אָבער איהר האָט געזעהן פאַר זיך
א פאָלקאָם געזעצטען מענשען. זיין פנים, בע־
דעקט מיט א געזונדער רויטער פאַרב, איז גע־
ווען איינגעפאַסט אין א שוואַרץ בערדעל;
פון אונטער די געדיכטע לאַנגע ברעמען האָבען



אהרן זונדעלעוויטש אין די 70ער יאָהרען.

אויף אייך מיט לאַסקע געקוקט טונקעל־ברוינע
אויגען. משה איז געווען א שעהנער איד.

נאָך א מינוט ריידען מיט איהם, האָט זיך
אונז געדוכט, אז מיר זיינען שוין לאַנג־אָניגע
בעקאַנטע. עס איז געווען אנגענעהם צו טראַכ־
טען, אז ער וועט זיין אונזער בעגלייטער אויף
דער רייזע. דאָס איז געווען אונזער ערשטע
רייזע און מיר האָבען געקוקט אויף דעם ווי
אויף א זעהר געפעהרליכע אונטערנעהמונג.

געווים, וועט ער אונז בעגלייטען, כאָטש
ער איז ערשט געקומען פון וועג. אָבער 2—3
טעג מוז ער פערבלייבען אין פּעטערבורג, ער
האָט דאָ „געשעפטען“. — אזוי קליינינקייטען.
וועגען איינע אזא קליינינקייט וועל איך
אייך דאָ דערצעהלען.

קראַוטשינסקי — סטעפּניאַק האָט בעשלאָסען צו טויטען אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס ליעבלינג, דעם זשאַנדאַרמען־שעף גענעראַל מעזענצעף. ער האָט געוואָלט אַריינקומען צו איהם אין זיין עמפּפאַנגס־צימער, ווי איינער פון פּיעלע, וואָס קומען נאָך טובות. דאָס וואָלט בעדייטעט אַ זיכערען טויט פאַר קראַווטשינסקי'ן גופא. די חברים האָבען איהם דערפון אָבגערעדט. זאָל ער זיך בעסער בעוואָרענען מיט אַ מעגליכקייט זיך צו רעטען. טויטען אויף'ן גאַס. און אַ חבר זאָל שטעהען פון נאָהענט מיט אַ פערד און וואַגען. קראַווטשינסקי איז איינגעגאַנגען אויף דעם פּלאַן. דערצו אָבער האָט זיך געפאָדערט אויספאָרשען מעזענצעף'ס אָרט לעבען, כדי צו וויסען די צייט, ווען ער פאָהרט, ווען ער קומט. און דאָס צו דערגעהן איז געוועזען אַן און פאַר זיך געפעהרליך, ווארים מעזענצעף אַלס הויפּט פון די זשאַנדאַרמען איז געוועזען אַרומגערינגעלט מיט אַן אַרמיי שפּיאָנען.

זונדעלעוויטש נעהמט זיך פאַר דעם, שטעהט פון בעגינען ביז שפּעט אין אבענד און קליגט זיך, אַז קיין שפּיאָנסקע אויג זאָל איהם ניט מערקען. משה האָט טויזענדער איינפּעלע. די אַרבייט גיט זיך איהם איין פּאָלקאָם, אין 3—2 טעג איז ער דערמיט פאַרטיג, און משה פאָהרט שוין מיט אונז קיין אויסלאַנד.

אַנדערשוואו*) האָב איך שוין בעשריעבען ווי אַזוי דאָס גנב'ענען דעם גרענעץ איז צו יענער צייט צוגעגאַנגען. דאָ וועל איך נור זאָגען, אַז אַזאַ „גלאַט" שטיקעל אַרבייט ווי זונדעלעוויטש האָט קיינער ניט געקענט מאַכען. די איינוואוינער פון די גרענעץ־שטעדטלאַך — סיי פון דער רוסישער און סיי פון פּרייסישער זייט — האָבען געהאַט פאַר איהם דעם גרעסטען רעספּעקט, כאָטש ער איז געוועזען נאָך יונג אין יאָהרען. זיי פּלעגען נור געפינען, אַז ער איז אַ ביסעל קאַרגליך. און דאָס איז געוועזען אמת. ווארים געזעלשאַפטליכעס געלד האָט ער געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אין וועג האָבען מיר געהאַט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט משה'ס טעאָרעטישע אַנשויאונגען. מיר זיינען געוועזען ניט ווייניג איבערראַשט, כאָטש מיר זיינען געוועזען פאָרבערייטעט פון די חברים.

ווי בעקאַנט, האָבען די דאַמאַלסדיגע רוסישע סאָציאַליסטען געהאַלטען פאַר זייער הויפּט־אויפגאַבע אויפצובונטעווען דעם פּויער— דורך אַ פאָלקס־בונט וועט פערווירקליכט ווערען דער פאָלקס־אידעאַל. דערפאַר האָבען זיי זיך גערופען „נאַראָדניקעס — בונטאַרעס". די אָרגאַניזאַציע „זעמליאַ אי וואָליאַ" איז געוועזען די פערטרעטערין פון דיעזען שטאַנדפּונקט. און זונדעלעוויטש, איינער פון די אַנגעזעהענסטע מיטגליעדער פון „זעמליאַ אי וואָליאַ", האָט זיך אַרויסגעזאָגט פּונקט פערקעהרט: די אַרבייט צווישען די פּויערים איז אַרויסגעוואָרפען, אַן אומזיסטע פערשווענדונג פון צייט און מיטלען, שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם אַנוועהר אין מענשען. דער פּויער, וועלכען מיר האָבען געהויבען אין הימעל אַריין, איז נאָך זיין מיינונג גראָב און אונוויסענד. אַז איהם גלוסט זיך סאָציאַליזם, דאָס האָבען די אינטעליגענטען אויסגעטראַכט.

דאָס ערשטע מאָל איז אונז אויסגעקומען צו הערען אַזעלכע רייד. מיר האָבען עס אַנדערש זיך ניט געקענט ערקלערען, ווי נור דורך דעם, וואָס משה איז אַ איד, געבאָרען אין תחום, — וואו האָט ער געזעהן דעם אמת'ן פּויער!

און נאָך גרעסער איז געוואָרען אונזער פערוואונדערונג, ווען מיר האָבען פון איהם דערהערט, ווי ער קוקט אויף די אויפגאַבען פון די רוסישע סאָציאַליסטען.

מיר זיינען אַלע געוועזען אַנהענגער פון באַקונין'ען, אַנאַרכיסטען. פּאָליטישע פרייהייט פאַר רוסלאַנד האָבען מיר געהאַלטען איז גאָר ניט אַזוי וויכטיג. נאָך מעהר: זי איז כמעט שעדליך. די אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע בורזשואַזע איינריכטונגען קאָנען נאָר דערווייטערן די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

און דאָ קומט אַ מיטגליעד פון אַן אַנאַרכיסטישער אָרגאַניזאַציע און זינגט אַ לויבגעזאַנג דער קאָנסטיטוציע. עס וואָלט גאָר ניט אויסגעמאַכט, זאָגט ער, אַז רוסלאַנד זאָל האָבען אַ קאָנסטיטוציע.

און וואָס האָבען מיר שוין געזאָלט טראַכטען וועגען זונדעלעוויטש'ען, ווען ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס אַנהענגער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט איז פאַר אונז געוועזען דאָסזעלבע וואָס אַ רעאַקציאָנער, בפרט נאָך אַ דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט. ניין, ווירקליך, זיין בעקאַנטשאַפט מיט די דייטשע אַרבייטער האָט געווירקט אויף איהם שלעכט, משה איז גאָר איבערגעפיהרט געוואָרען.

מיר זיינען איבערצייגט געוועזען, אַז דער רוסישער פּויער וועט פערשטעקען דעם דייטש דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט אין אַרבעל. דער רוסישער פּויער וועט ווייזען אַ ביישפּיעל גאַנץ אייראָפּאַ, ניין, דער גאַנצער וועלט!

ווען דאָס וואָלט געוועזען אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ, וואָלטען מיר בעשטימט געפאָדערט, אַז ער זאָל פאַר אַזאַ אפיקורסות אַרויסגעוואָרפען ווערען פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער משה איז געוועזען אַזוי סימפּאַטיש, אַז איהם האָבען

*) „אויף יענער זייט גרענעץ" — „וויעסטניק יעווראָפּי", 1912.

מיר אַלץ געמוזט מוחל זיין. און ווען ער האָט אונז געבראַכט בשלום צו אַ פּרייסישער אייזענבאַהן סטאַציאָן, האָבן מיר זיך גאָר פריינדליך צוזעגנט.

* * *

זונדעלעוויטש איז צום סוף פון די 70ער יאָהרען געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטען, וואָס האָבן אַנערקענט דעם פּאָליטישען קאַמפּף. דאָס איז געווען אַ גרויסער פּערדיענסט, ווארים וועגען זיינע אידעען האָט ער ניט בלויז גערעדט, נור ער האָט זיי אויך געזוכט צו פּערווירקליכען.

זונדעלעוויטש איז געווען אַ פּיאָנער נאָך אין פּיעלע פּרטים. ער האָט אַריינגעטראָגען דעם געדאַנק, אַז די רעוואָלוציאָנערען דאַרפען זעהן שאַפען אַ פעסטע אָרגאַניזאַציאָן, איינפיהרען צענטראַליזם, דעם פּרינציפּ פון מאַיאָריטעט. אַה, דעמאָלט האָבן מיר אַלע געהאַלטען דעם צד פון דער „פערגעוואַלטיגטער“ מינאָריטעט! זונדעלעוויטש איז אויך איינער פון די ערשטע געקומען צו דער אידעע פון טעראָר, אַלס מיטעל צו רוסלאַנדס פּאָליטישער בעפרייאונג. מיט איין וואָרט, זונדעלעוויטש איז געווען דער אָנזאָגער פון אידעען, וואָס זיינען אין גיכען געוואָרען די גרונד־אידעען פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליא“. מיר האָבן געזעהן, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער האָט זיך בעטייליגט אין דער אָרגאַניזירונג פון מעזענצעף׳ס מאָרד. און קיין איינער פון די שפּעטערע טעראָריסטישע אַקטען, אַריינרעכנענדיג אויך דעם קייזער־מאָרד, איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען אָהן זיין מעהר אָדער ווייניגער אַקטיווע מיטווירקונג.

קוקענדיג אויף משה׳ן, האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דיעזער גוטהערציגער, סימפּאַטישער יונגערמאַן זאָל גלויבען אין בלוט־פערגיסונג. אָבער ער איז געווען דער קאַלטבלוטיגסטער צווישען דאָס הייפעלע דרייסטע יונגע־לייט, וואָס האָבן זיך אָבגעגעבען מיט טעראָריזירען דעם צאַר און זיינע מלאכי חבלה. אויף אַזוי וויט קאָן די איבערצייגונג פערהאַרטעווען אפילו די ווייכסטע מענשען.

משה האָט געלעבט בלויז פאַר דער אידעע. איהם האָט קיין זאַך ניט געשראָקען — ניט אייביגע קאַטאָרגא, ניט די תליה. און ער האָט קיין זאַך פאַר זיך ניט געפּאָדערט. אין איהם איז קיין ברעקעלע עהרגייץ ניט געווען. ער האָט ניט געגאַרט נאָך בעריהמטהייט. עס וויזט אויס, ער האָט זיך פּאָלקאָם בעפרידיגט דערמיט, וואָס זיין טייל אַרבייט קומט צונוץ אין גרויסען קאַמפּף. ווי וויט מיר זיינען אַוועק פון יענער צייט!

משה האָט פערמאָגט נאָך אַן אייגענשאַפט, וואָס שטעלט איהם אפילו העכער פון זיינע צייטגענאָסען. נאָר איינער האָט זיך געקענט מיט איהם אין דעם פּרט פערגלייכען — דאָס איז געווען דער בעריהמטער — דמיטרי ליזאָגוב דער גוטסבעזיצער, וואָס האָט אַוועקגעגעבען זיין אונגעהויערען פערמעגען פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר זיך האָט ער געזשאַלעוועט אויסצוגעבען 5 קאָפּיקעס אויף דער „קאָנקע“. משה׳ן האָט ניט געאַרט, ווי ער לעבט, וואָס ער עסט, וואו ער שלאָפט און אין וואָס ער געהט געקליידט. און עס איז געווען אַ וואונדער, וואָס ביי אַזאַ אָנשטרענגונג אין דער אַרבייט און ביי אַזאַ אַרט לעבען האָט ער תמיד אויסגעקוקט פריש און מונטער. ער האָט געמוזט ירש׳ענען אַ געזונדען קערפּער־בוי.

און נאָך אַ שטריך, וואָס האָט איהם אויסגעצייכענט פון פיעלע פון זיינע חברים: ער האָט זיך ניט געמיאוסט מיט דער קלענסטער אַרבייט. אויסזעצען אַ פּראָקלאַמאַציע אָדער יאָגען זיך נאָך אַלעקסאַנדער דעם צווייטען איז פאַר איהם געווען פון איין און דערזעלבער וויכטיגקייט. ער איז תיכף גרייט צו טהאָן אי דאָס, אי יענעס. וויפיעל מען האָט זיך ביי איהם צובעטען: זאָל דאָס און דאָס טהאָן אַ ווייניגער ערפאַהרענער, אַ אינגערער חבר. ניין! ביי איהם האָט מען דאָס ניט געקענט פועל׳ן. אַ מענש אָהן אַ גאַל, ווי ער איז געווען, איז ער געווען שטאָהל, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די אינטערעסען פון דער אַרבייט.

עס איז אונמעגליך פאַר מיר אויסצורעכענען די אַלע גרעסערע און קלענערע אונטערנעהמונגען, אין וועלכע זונדעלעוויטש האָט געהאַט אַ חלק. פון דעם אויבען אויסגערעכענטען איז שוין קלאָר, ווי פערשיעדענאַרטיג זיין טהעטיגקייט איז געווען. איך וועל ברייגנען נאָך צוויי פעלע פון יענער פּעריאָדע פון זיין לעבען.

* * *

זומער 1879 האָט אַ קליינע גרופּע רעוואָלוציאָנערען, מיט יעלענא ראָסיקאָווא אָן דער שפּיצע, אונטערנומען אַן אַרבייט, וואָס האָט נאָך קיין גלייכע ניט געהאַט. זיי האָבן אין כערסאָן געדונגען אַ הויז נעבען „קאַזנאַטשייסטוואָ“ און גענומען גראָבען אַ טונעל. זיי האָבן דערגרייכט די שאַץ־קאַמער און אַרויסגעטראָגען אַנדערהאַלב מיליאָן רובעל. אַן אַרבייטער, וואָס האָט זיך בעטייליגט דערביי, איז געוואָרען אַ פעררעטהער. ראָסיקאָווא איז אַרעסטירט געוואָרען מיט אַ מיליאָן רובל. אָבער אַ האַלבען מיליאָן האָט אַן אַנדערער אַנטיילנעהמער בעגראָבען ביי זיך אויפ׳ן הויף. די פּאָליציי האָט צוזאָקערט און איבערגעקעהרט דעם הויף און דאָס געלד ניט געפונען. טעג

און וואָכען זיינען אריבער און די פּאָליציי האָט
אַלץ געהאַלטען וואַך איבער'ן הויף. די רעוואָ־
לוציאָנערען פון זייער זייט האָבען געבראָכען
דעם קאָפּ, ווי אזוי קריגט מען ארויס דאָס
געלד. „אַה, ווען משה וואָלט געווען, וואָלט
ער שוין געפונען א מיטעל“. אָבער משה איז
געווען פערנומען אין אויסלאַנד. צווישען אנ־
דערעס, האָט ער געדאַרפט זאסוליטש, סטעפּאַ־
נאָוויטש און מיך צוריקברייננגען קיין רוסלאַנד.
און תיכף ווי ער איז אָנגעקומען קיין פּעטער־
בורג און ער האָט זיך דערוואוסט פון דער געשיכ־
טע, האָט ער זיך אוועקגעלאָזען קיין כערסאָן.
אָבער עס איז שוין געווען שפּעט. די פּאָליציי
האָט שוין געהאַט אויסגעפונען דעם פּלאַן.
זונדעלעוויטש איז בעצייטענס געוואָהר געוואָ־
רען פון דעם.

די אַלגעמיינע מיינונג פון די חברים איז
געווען, אז ווען משה נעהמט זיך דערפאר, וואָלט
די אונטערנעהמונג אָבגעגליקט. אָבער ראַסי־
קאָווא האָט זיך פערטרויט בלויז צו איהרע נאָ־
הענטע און האָט אפילו קאָנספּירירט פון זונ־
דעלעוויטשען. אזוי האָט זי אי דאָס געלד אי־
בערגעפיהרט, אי זיך בעגראבען, אי נאָך א
פּאָר מענשען אריינגעשלעפּט. זי איז גע־
שטאָרבען אויף דער קאטארגע.

ביי א צווייטער אונטערנעהמונג איז משה ניט
נור דערביי געווען, נור ער איז אויך געשטאַנען
אן דער שפּיץ פון איהר. ער האָט דער ערשטער
איינגעריכט א דינאַמיט־וואַרשטאַט. דינאַמיט
איז דאן ערשט ענטדעקט געוואָרען און די רו־
סישע רעוואָלוציאָנערען האָבען פון איהם נאָך
קיין געברויך ניט געמאַכט. און עס האָט זיך
געפאָדערט אויסערגעוועהנליכען מוט צו שטע־
לען זיך פּראָדוצירען דינאַמיט אין א געוועהנ־
ליכען מעבלירטען צימער. אָבער משה, ווי גע־
זאָגט, פלעגט זיך פאר קיין זאַך ניט אָב־
שטעלען.

מען דאַרף ניט מיינען, אז זונדעלעוויטש
און געווען גלייכגילטיג צו טעאָרעטישע פראגען,
ווי עס איז געוועהנליך דער פאַל ביי די פּראַק־
טיקער. אמת, ער האָט זיך סיסטעמאַטיש ניט
אָבגעגעבען מיט שטודירען סאָציאַלע און וויסענ־
שאַפטס טעאָריען. אָבער אויף ווי פיעל די
צייט האָט איהם ערלויבט — און פעהיגקייטען
האָט ער געהאַט גלענצענדע — האָט ער זיך
אויך אינטערעסירט מיט טעאָרעטישע פראגען.

דערפאר איז פאלש די מיינונג, וואָס
איז פערשפּרייט ביים ברייטען פּובליקום וועגען
זונדעלעוויטשען. דאָס פּובליקום מאָהלט איהם
לויט דעם דוד, א העלד פון סטעפּניאַק'ס ראָ־
מאן „אַנדריי קאָזשוכאָוו“. סטעפּניאַק האָט
טאַקע געבאָרגט איינינע שטריכען פאר זיין
דוד'ן ביים לעבעדיגען משה. אָבער דוד איז
איינזייטיג, משה איז פיעלזייטיג. דוד איז א
פייעריגער אידישער פּאטריאָט, וואָס איז
ניט געווען דער פאַל מיט זונדעלעוויטשען.

* * *

אין דעמזעלבען זומער 1879 האָט די אָר־
גאַניזאציע „זעמליא אי וואָליא“ נאָך דריי צו־
זאמענפאָהרען אין ליפּעצק, וואראנעזש און
פּעטערבורג — זיך צושפּאַלטען — אויף
„טשערני פּערעדעל“, וועלכע איז געבליעבען ביי
דעם אַלטען פּראָגראם—ארויסצורופען א פּויע־
רים־בונט — און „נאַראָדנאיא וואָליא“, וועל־
כע האָט זיך געשטעלט אַלס ציעל דורך
צארען־מאָרד צווינגען די רעגיערונג צו געבען
א קאָנסטיטוציע. פון די דריי אידען, וואָס האָ־
בען געהערט צו „זעמליא אי וואָליא“, איז איי־
נער — זונדעלעוויטש — אריבער צו דער נאַ־
ראָדנאיא וואָליא. אזוי ווי ער איז געווען דער
אָם וויינינגסטען פערביסענער, אָם וויינינגסטען
פערכאַפּט פון די פראַקציאָנס מחלוקות, האָבען
ביידע צדדים איהם אויסגעקליבען פאר א פער־
מיטלער אין זייערע אונטערהאַנדלונגען. אויף
זיין אונפּאַרטייאישקייט און יושר האָט מען
זיך געמעגט פערלאָזען.

ביי דער שאַפונג פון דער נייער פּארטיי
איז זונדעלעוויטש פערוואָרפען געוואָרען מיט
ארבייט: מען האָט געדאַרפט איינריכטען א
דרוקעריי פאר דער צייטונג „נאַראָדנאיא וואָ־
ליא“, וואָס האָט געדאַרפט אָנהויבען צו ער־
שיינען. מען האָט געדאַרפט רעטען פון קאָנ־
פיסקאציע דעם פערמעגען פון ליזאָגוב, וועל־
כער איז פון דער רעגיערונג היינגעריכטעט גע־
וואָרען קורץ פאר דעם. עס זיינען געווען אין
פּארבערייטונג עטליכע אויפרייסונגען פון צאַ־
רישע צוגען. אין דיעזע אַלע ריזיקאַלישע אונ־
טערנעהמונגען האָט זונדעלעוויטש געהאַט א
האַנד. אָבער דאָ האָט מיט איהם געטראָפען אן
אומגליק.

ער האָט זיך פּעראינטערעסירט מיט
עפּעס א פראגע און האָט גענומען בעזוכען די
פעטערבורגער „פּובליטשנע ביבליאָטעק“. איינ־
מאָל ביים ארויסגעהן האָט די פּאָליציי איהם
אָבגעשטעלט, גענומען אין א זייטיגען צימער,
בעזוכט און ארעסטירט. דאָס איז געווען
אן אונערהערטע זאַך. עס האָט זיך ארויסגע־
שטעלט, אז מיט א טאָג פריהער זיינען אין
דער ביבליאָטעק פערשפּרייט געוואָרען פּראָק־
לאַמאציעס. די פּאָליציי האָט גענומען נאָכ־
שפּירען. זונדעלעוויטש ווידער, אָבגעבענדיג
זיין פאַלטא, האָט פערגעסען, אז ער האָט
מיט זיך אין קעשענע פּראָקלאַמאציעס. דער
דיענער פון ביבליאָטעק האָט עס ענטדעקט.
אזוי איז דער אייביג פּאָרזיכטיגער זונדעלע־
וויטש אריינגעפאַלען דורך איין איינציגע נאַכ־
לעסיגקייט. זי האָט איהם געקאָסט 2½
צעהנדליג יאָהרען לעבען.

פאר האַלטען אונלעגאַלע ליטעראַטור איז דאַמאַלס געווען אפילו אַ שטרענגע שטראָף, אָבער אַזוי ווי די הויפּט־זאָרג פון דער רעגיע־רונג איז געוואָרען דער קאַמפּף מיט די טעראָ־ריסטען, האָט זי די שטרענגע שטראָפען גע־דאַרפט בעהאַלטען פאַר זיי. אָבער דאָ האָט אַן אַנדער מיטגליעדער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָ־ליא" — גריגאָרי גאָלדענבערג — זיך „אָפענ־הערציג" צורעדט פאַר דער פּאָליציי וועגען אַלע רעוואָלוציאָנערע אנגעלעגענהייטען און האָט איהר אויפגעקלערט וועגען זונדעלע־וויטש'עס ראָלע. האָט מען זיך שוין גערוכט, אַז משה וועט די תליה ניט אויסמיידען. דאָרף זיך אָבער טרעפען, אַז גראַד נעהמט בלאָזען אַ ליבעראַלער ווינט — נאָך'ן אויפרייס אין קייזער פּאַלאַץ — און גראַף לאָריס מעליקאָוו ווערט דער דיקטאַטאָר און פערזאָרגער פון גאַנץ רוסלאַנד. ער וויל שלום מאַכען מיט דער־געזעלשאַפט, פערקלענערען די צאָהל טויט־שטראַפען. און אַזוי ווי צוויי אַנדערע פון זעל־בען פּראָצעס קוויאַטקאָווסקי און פּריוס־ניאַקאָוו זיינען שוין געהאַנגען געוואָרען — אין פריהלינג 1880, דער פּראָצעס פון די 16 טע־ראָריסטען — איז אויף זונדעלעוויטשעס גורל אויסגעפאַלען אייביגע קאַטאָרגע. דער שפּיעל פון צופעלע האָט איהם געראַטעוועט דאָס לעבען.

אָבזיצענדיג אַ געוויסע צייט אין פּעטראָ־פּאַוולאָווסקאַ פעסטונג און אַנדערע געפענגני־סע, איז זונדעלעוויטש מיט נאָך אַנדערע אין 1881 אַרויסגעשיקט געוואָרען קיין סיביר אָב־צוקומען די שטראָף.

2

אויף קאַטאָרגע.

אונזערע וועגען זיינען זיך פונאַנדערגע־גאַנגען, און זיינען זיך ווידער צונויפגע־קומען . . . אין קאַטאָרזשנע געפענגנים אויף דער קאַראַ, וואוהין איך בין פערשיקט געוואָרען אין יאָהר 1885.

זעקס יאָהר האָבען מיר זיך ניט געזעהן. איך בין פאַר דער צייט פון אַ „נאַראָדניק" און „בונטאַר" געוואָרען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט — צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוו, וו. זאַסוליטש, אַקסעל־ראָד און איגנאַטאָוו. דעריבער, וועלגערענדיג זיך איבער פערשיעדענע עטאַפּען גאַנצע זיעבען חדשים, האָב איך זיך כמעט ווי פערביינקט נאָך דער קאַטאָרגאַ אויף דער קאַראַ, וואו איך האָב געוואוסט איך וועל טרעפען אַ גזינונגס־גענאָסע זונדעלעוויטש. ער איז דאָך שוין אין די 70ער יאָהרען געווען אַן אנהענגער פון „דייט־שען סאָציאַליזם" — דאָס איז געווען דער שפּאָט־נאָמען פאַר'ן מאַרקסיזם. וואָס מיר קאַ־טאָרגע, אַז איך וועל זיין צוזאַמען מיט זונדע־לעוויטשען ! ער איז דאָך אַזאַ האַרציגער פריינד, וועלכער איז גרייט פאַר יענעם אויף די גרעסטע אָפּפער. איך האָב אין די געדאַנקען איבערגעשמועסט אַלע אונזערע אַמאָליגע גע־שפּרעכען — אין פּעטערבורג און אין אויס־לאַנד, און איך האָב זיך מוסר געזאָגט פאַר וואָס איך האָב איהם דאַמאַלס ניט פער־שטאַנען.

און ענדליך אין אַ דעצעמבער אבענד בין איך אַנגעקומען אויף דער קאַראַ. דאָס מזל האָט געוואָלט איך זאָל אַריינפאַלען אין דרעזעל־בער קאַמער, וואו ער איז געזעסען — נומער 2. אַ חבר האָט מיר אָבגעטרעטען זיין פּלאַץ נע־בען איהם. אָה, ווי ער האָט זיך פערענדערט ! אַן ערדען פאַרב האָט בעדעקט זיין געזיכט. קיין מונטערקייט אין בליק, עס שלאָגט פון איהם אַזאַ אומעט. מיין פריידע איז געווען אויסגע־מישט מיט אַ שאַרפען וועהטאָג.

מיר האָבען זיך צורעדט. איך האָב איהם דערצעהלט וועגען די אַלע פּאַסירונגען, וועלכע איך האָב מיטגעמאַכט. ער וועגען זיינע אי־בערלעבונגען אויף דער קאַראַ, וועגען דער אָרד־נונג, וואָס הערשט דאָ. נאָך זיין ריידען האָב איך איהם דערקענט. דערזעלבער משה, וואָס האָט איינזעהעניש מיט יעדערן, בעגרייפט מענשליכע שוואַכקייטען און איז שטענדיג פער־זאָרגט וועגען חבר. מיר זיינען אריבער צו אונזערע פּאָליטישע איבערצייגונגען. דאָ טראַכט איך, וועלען מיר זיך ערשט דערקענען אַלס די אינטימסטע פריינד. אָבער שטעלט זיך פאָר מיין פערצווייפלונג : ער איז מיין בי־טערסטער געגנער ! עס איז ניטאָ קיין איין פּונקט, וואו מיר זאָלען זיך קענען צוזאַמענ־געהן. וואָס איז דאָ אַזוינס ? צי האָב איך איהם דאַמאַלס ניט פערשטאַנען ? צי פערשטעה איך איהם איצט ניט ?

יאָ, ער איז אַן אנהענגער פון דער דייט־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער בלויז פאַר דייטשלאַנד. פאַר רוסלאַנד איז טעראָר און טע־ראָר. דער טעראָר דאַרף אבראַהמען דעם וועג פאַר דער פּאָליטישער פרייהייט.

אָה, איך פערשטעה : ער איז געבליעבען דאָס, וואָס ער איז געווען מיט זעקס יאָהר צוריק — ביי דער גרינדונג פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליא". דאָס געפענגניס קאָנסערווירט, דער מענש בלייבט פערגליווערט אויף איין פּונקט. איך האָב אָבער געזעהן מיט מיינע אויגען די רעאַק־ציע, וואָס איז געקומען נאָך'ן טעראָר.

אָבער ווי איך האָב איהם ניט געפּרובט פערענטפערען, פלעג איך פּאָרט ניט קענען קאַלטבלוטיג פערטראָגען זיינע מיינונגען. ער, ווי אַלע אין געפענגניס, האָט געלייקענט די ווי־סענשאַפטליכקייט פון מאַרקס' לעהרע, כאָטש ער האָט זיך גערעכענט פאַר אַן אנהענגער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיר פלעג־גען ביידע זיך היצען און זיך אויפרעגען איי־נער געגען אַנדערן. אונזערע בעציהונגען זיי־

נען א שטיק צייט געווען קאלטע, אנגעצויגענע.

אין 2 חדשים ארום בין איך אריבער אין א צווייטע קאמער און צונויפטרעפענדיג זיך מיט איהם אויף די שפאציערען, פלעגען מיר זיך היטען ווי פאר פייער צו בעריהרען א געזעלשאפטליכע טעמא.

* * *

ווי אויף „דער פריי“, איז אויך דא זונדעלעוויטש געווען דער אלגעמיינער ליעבלינג. דאס קען מען ניט זאגען וועגען די איבריגע אכט אידען, וואס זיינען צוזאמען מיט אונז געזעסען אויף דער קארא. מיט פיעלע איז ער געווען בעפריינדעט, מיט פיעלע אויף דו.

דאס מערקווירדיגסטע אין זונדעלעוויטשען איז, וואס ער איז אבסאלוט פריי פון כבוד־זוכעניש. דאס איז ביי איהם ווי אן איינגעבארענער געפיהל, א מורא ארויסצושטעלען זיך, ארויסצורוקען זיך פאראוים. ער וועט גיכער ארונטערמאכען אלע זיינע מעלות און פערדיענסטען. מיר האבען געלעבט אין א ווירטשאפטליכער קאמונע, און איינעם פלעגען מיר אויסקלייבען פאר אן עלטסטען, א „סטאראסטא“. דאס איז אן עהרען־פאסטען, וואס איז פערבונדען מיט פיעלע שוועריגקייטען און אונאנגענעהמליכקייטען. מען דארף פערטרעטען די געפאנגענע פאר די בעאמטע. נור כמעט יעדער האט געטרוימט צו ווערען דער אויסערוועהלטער. אבער ביי זונדעלעוויטשען פאר די גאנצע 8 יאהר, וואס ער איז געווען אויף דער קארא, האט מען קיינמאל ניט געקענט פועל'ן ער זאל אננעהמען דעם פאסטען. דערפאר פלעגט ער גערן נעהמען אויף זיך די שווערסטע ארבייט, אהן א ווארט איבערצוריידען. ארבייטען, פון וועלכע געזינטערע פון איהם פלעגען זיך אבזאגען, פלעגט ער טהאן מיט פערגניגען — שלעפען 5 פודאווע זעק מעהל, פעסער מיט וואסער, האקען האלץ. און ווען עס איז ערלויבט געווארען צו פערוואנדלען א טייל פון געפענגנים־הויף אין א גארטען, האט זונדעלעוויטש געגראבען, געזעעט, געיעט, כדי צו פערשאפען א ביסעל גרינוואַרג, וואס האט געקאנט עטוואס פערבעסערען די ארימע מאהלצייטען פון די געפאנגענע.

און פאר זיך האט ער קיין זאך ניט געדארפט, קיין זאך ניט געפאדערט. ער האט אויף אזוי וויית בעשרענקט זיינע בעדערפנישע, אז עס איז געווען א חידוש ווי דער מענש האלט זיך אויף די פיס.

עס איז שווער דא ארײנצולאזען זיך אין די קליינינקייטען פון אלטעגליכען געפענגנים־לעבען. אבער די, וואס האבען ווען פערזוכט דעם טעם פון געפענגנים — און ווער וואס קומט פון רוסלאנד האט עס ניט פערזוכט? — ווייסען, אז אין געפענגנים ווערען אפילו די בעסטע מענשען איבערגעפיהרט — לאזען זיך אריין אין קליינליכע רייסערייען און ז. וו. מיט זונדעלעוויטשען אבער איז עס קיינמאל ניט געווען דער פאל.

ער האט זיך קיינמאל ניט בעקלאגט, כאטש ער איז געווען אן אייביגער קאטארזשניק. צו זיין אבגעריסען פון דער לעבעדיגער וועלט צו 25 יאהר, אהן די האפנונג ווען עס איז איהר אנצוקוקען, און ניט אראבצופאלען ביי זיך, דערצו פאדערט זיך אן אויסערגעוועהנליכער מוט. אפשר האט ער זיך געהאלטען אן דעם אלטען אידישען כלל: גם זו לטובה?

מיר דוכט זיך אז איהם האט פערדראסען, וואס דער טויט האט איהם אויסגעמידען. אבער ער האט געגארט נאך'ן טויט ניט אויס פערצווייפלונג, נור ווי איינער, וואס געהט טעגליך אין קאמפף און איז געוועהנט צו קוקען דעם טויט אין די אויגען, ווערט כמעט ווי פערליעבט אין איהם.

און דאס קען זיין האט איהם א ביסעל אבגעפרעמדט פון טעארעטישער ארבייט. ער האט זיך ניט אבגעגעבען ווי פיעלע פון אונז צו שטודירען גרינדליך א געוויסע פראגע. פעהיגקייטען האט ער געהאט גלענצענדע, און געלעזען האט ער אויך אהן א שיעור. אבער זיין נשמה איז ניט געווען דערביי. ער האט תמיד פארגעצויגען פיזישע ארבייט. כאטש ביי א געלעגענהייט פלעגט ער זעהר גערן מיט איך דעבאטירען איבער אלץ אין דער וועלט, און דערביי זיך חקירה'ן ווי אן אמת'ער גמרא־קאפ (צי איז ער טאקע בעהאווענט אין דער גמרא, ווייס איך ניט). אבער זייענדיג אן אויסגעצייכענטער דעבאטאנט אין א קליינעם קרייז, איז געווען אונמעגליך ארויסצוקריגען פון איהם א ווארט אויף א גרעסערער פערזאמלונג. דאס איז שוין די טבע פון אלע שעמעדיגע.

* * *

מיר האבען צוזאמען פערבראכט אויף דעם קארא ארום 5 יאהר. אין 1890 איז די קאטארגא אויף קארא אבגעשאפט געווארען און די מעהרסטע געפאנגענע זיינען אריבער אין דער „פרייער קאמאנדע“. בלויז 13 — צווישען זיי זונדעלעוויטש — זיינען פערשיקט געווארען ווייטער אין אקאטוי. דאס איז געווען די שרעקליכסטע קאטארגא אין סיביר. די בעהאנדלונג איז געווען א גרויזאמע. די פאליטישע זיינען אויסגעגלייכט געווארען מיט די קרימינעלע, און זיי האבען אלע געארבייט אין די מיינס. (דאס לעבען אין אקאטוי האט בעשריעבען דער פאעט יאקובאוויטש־מעלשין אין זיין בעוואוסטען בוך: „צווישען די פערשטויסענע“. זונדעלעוויטש האט זיך זעהר בעפריינדעט מיט יאקובאוויטשען, וועלכער האט איהם געווידמעט א רייה ליעדער).

די צוויי מאניפעסטען, וואס אלעקסאנדער דער דריטער האט ארויסגעלאזט, האבען זונדע־

לעוויטשען דעם טערמין ניט פערקירצט. נור לויט'ן געזעץ דארף אן אייביגער קאטארזשניק נאך צוועלף יאהר אריבערגעהן אין דער „פרייער קאמאנדע". אין 1891 קומט זונדעלעוויטש צו־ריק צו אונז.

ער איז ניט געווען געבראכען. פערקעהרט, ער איז געזינטער, מונטערער געווארען. און ווען זיינע חברים פלעגען זיך נעהמען בעקלאגען אויף אקאטוי, פלעגט ער זיך אריינמישען און גוטמוטיג א זאג טהאן: „עט, עס איז גאר ניט אזוי שלעכט געווען".

נאך איידער ער האט פערלאזען קארא, האט זונדעלעוויטש, טיילווייז אונטער דעם איינ־פלוס פון געשפרעכען און ביכער, געביטען זיין שטעלונג צו די סאציאל־דעמאקראטען. ער האט שוין געצווייפעלט אין דער צוועקמעסיגקייט פון טעראר; ער האט שוין פריינדליכער געקוקט אויף דער ארבייט פון דער אויסלענדישער גרו־פע „בעפרייאונג פון ארבייט". ער איז כמעט געווארען א מארקסיסט, נור מיט א תנאי: מארקס מוז „אויסגעבעסערט" ווערן. ער איז געווען א בערנשטייניאנער נאך בעפאר בערנ־שטיין'ען. דאס האט מיך שוין ניט געארט. זיינע פערבעסערונגען האבען דאך קיינעם ניט געקאנט שאדען. ער פלעגט נור בעטען, איך זאל וועגען זיי מיטטיילען מיינע חברים אין אויסלאנד, וואס איך פלעג אויך טהאן.

איך האב נאך ווייניג וואס צו דערצעהלען וועגען אונזער צוזאמענלעבען אין דער „פרייער קאמאנדע". ענדליך האט ער נאכגעגעבען אונ־זערע בקשות און האט זיך געלאזט אויסער־וועהלען אלס „עלטסטער". ער האט אויף זיין פאסטען אונז געדיענט פונקט אזוי טריי, ווי ער האט אונז אימער געדיענט אלס פשוט'ער חבר. אין דער „פרייער קאמאנדע" זיינען מיר געווען צוזאמען 5—6 יאהר.

* * *

ניקאלאי'ס צוויי מאניפעסטען — צו זיין חתונה און קרוינונג — האבען שוין זונדעלע־וויטשען ניט אויסגעמידען: זיין טערמין איז פערקירצט געווארען ביז 20 יאהר, אזוי דאס אין 1898 איז ער ארויס אויף „פאסעלעניע" מיט דעם רעכט צו וואוינען אין זאבאיקאלער פראווינץ אין שטאדט טשיטא, וואוהין איך בין איינמאל פערפאהרען זיך זעהען מיט איהם. איך האב איהם געפונען ווי אימער: דערזעל־בער הארעפאשניק. ער האט זיך ניט אויסגע־זוכט קיין אינטעליגענטע בעשעפטיגונג, נור ער איז געווארען א וואסער־פיהרער ביי דער נייער אייזענבאהן. אזוי דערציעהט ער ביז 1905, ווען די אלגעמיינע אמניסטיע גיט איהם די מעגליכקייט צוריקצוקעהרען זיך אין דאס „בע־נייטע רוסלאנד". 21 יאהר איז ער געווען אויסגעשלאסען פון כלל רוסישע בירגער.

די רעוואלוציע מיט איהרע סטרייקס, מי־טינגען און שטראף־עקספעדיציעס האט ער דורכגעמאכט אין סיביר. אין 1906 איז ער אנ־געקומען קיין פעטערבורג, בעת איך האב דארט פערנומען א נומער אין פעטראפאוולאווסקא פעסטונג. האבען מיר זיך דאמאלס ניט גע־זעהן. געזעהן האבען מיר זיך, נאך זיעבען יאהר,



אהרן זונדעלעוויטש (לעצטער פארטרעט)

אויפ'ן לאנדאנער צוזאמענפאהר פון אונזער פארטיי.

דארף מען נאך זאגען, אז זונדעלעוויטש האט זיך ניט פערענדערט. נור גרוי איז גע־ווארען מיין אלטער פריינד. ער האט זיך בע־זעצט אין לאנדאן. וויזט אויס, עס ציעהט איהם ניט אהין אין לאנד פון פאגראמען און בלוט־בלבולים.

זונדעלעוויטש איז איצט אלט 60 יאהר— 40 יאהר איז עס זינט ער איז צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג. לאמיר זשע ווינשען דיעזען פראכט־מענשען נאך לאנגע יאהר. זאל זיין געשטאלט זיין א מוסטער פאר די יעניגע, וועלכע רעכענען זיך פאר זיינע שילער.

אָסיפּ דימאָוו

דער צאהן־ארצט

(ערצעהלונג)



עלעבט האָט ביי אונז אין שטעדטעל איינע אסתר צוקערט, אַ צאָהן־אַרצט — אָדער ווי מען האָט איהר גערופען אונטער די אויגען די צאהן־רייסערקע.

ניט נור איז זי ניט שעהן געווען, נור זי איז געווען פּשוט העסליך, עקעלהאַפּט. אַ קליינע, אַ דארע, הויט און ביינער. אַ נידריגער פערוואַקסענער שטערן, שפּיציגע אויערן, וואָס שטאַרטשען אין ביידע זייטען, די אונטערשטע יאסלע אַרויסגערוקט, דאָס מויל צוצויגען מיט בלייך־ראזע ליפּען. די זומער־שפּרענקלאַך פלעגען זיך האַלטען אויף איהר געזיכט אַ קיילכעדיג יאָהר, אין זומער פלעגען זיי זיין אַזוי געדיכט, אקוראט ווי עמיצער וואָלט אויסגעשאָטען אויף איהר פּנים אַ געלען פּראשעק.

געהיילט האָבען זיך ביי איהר אָדער אונזערע וואוילטהעטיגע דאמען, וועלכע האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז זי זאָל אויסגעהן פון הונגער, אָדער קרעמער און הענדלערקעס, וועלכע האָבען ניט חושד געווען, אַז דאָס וואָרט צאהן־ארצט אויפ'ן שילד מיינט אַ פּרוי, און דערצו נאָך אַזאַ מיאוסקייט.

די צוקערט האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר ניין, אָליא — אויך אַ מיאוסקייט, ניט אַזוי ווי די מאַמע, אָבער לויט אַלע סמנים האָט זי נאָך געדארפט אריבערשטייגען דער מאַמען. ווערמען דאָס איז איינגעפאלען חתונה צו האָבען מיט אַזאַ פּרוי און נאָך צו האָבען מיט איהר אַ קינד, האָט קיינער אין שטעדטעל ניט געוואוסט. אונזערע פּעטע, אָבגעפּאַשעטע דאמען, מיט דימאנטען אויף די דיקע, קורצע קלעצלאַך, וואָס האָבען געטראָגען דעם נאָמען פינגער — אונזערע דאמען פלעגען קוועטשען מיט די פּלייצעס, און די מאַנסבילען, בעזונדערס די איונגערע, פלעגען מאַכען אַן עקעלדיגע מינע, ווען עס פלעגט קומען צו רייד וועגען דעם. אָבער אליא איז פּאָרט געווען אַ כשר קינד, אסתר צוקערט איז טאַקע געווען אַ מאַנס ווייב. באַלד נאָך איהר קומען האָט מען זיך דערוואוסט, אז דער מאַן האָט מיט איהר אָבגעלעבט פינף חדשים, האָט איהר אָב־געג'גט און אוועק זוכען שעהנערע גליקען אין אַמעריקא. צו אונז איז די צאהנ־רייסערקע געקומען שוין אַ געג'גט'ע, מיט'ן קינד. אַזוי דאָס אונזער שטעדטעל האָט די זכיה ניט געהאַט צו קענען דעם מערקווירדיגען מאַנספּערשוין, וואָס האָט געקענט ביי זיך פּועל'ן חתונה צו האָבען מיט אסתר צוקערט.

קוקענדיג אויף איהר האָט זיך ניט ווילענדיג געטראַכט, אַז עמיצער האָט מיט אַ כיוון איהר אָבגעטהאָן אַ רשעות. אָדער עמיצען האָט זיך פערגלוסט חוזק מאַכען איבער'ן מענשען. האָט ער אויסגעצויגען איהר אונטערשטע יאַסלע, פּערקרימט איהר מויל און אויפגעהויבען איהרע שפּיציגע אקסלען ביז צו די אויערן. און בעשענקענדיג איהר מיט אַזאַ שפּאָט־געשטאַלט, האָט ער איהר ניט געמאַכט פאר אן עקרה, כדי זי זאָל קענען איבערגעבען בירושה איהר העסליכקייט אַ צווייטען דור.

אַזוי האָבען זיי געלעבט ביידע אין אונזער בלאָטיגען שטעדטעל, וואָס האָט זיך טעגליך געשפּייזט מיט רכילות — ביידע איינזאמע און האַלב־הונגעריגע, אַרויסרופענדיג ביי יעדערן אַ רחמנות־שמייכעל — די פערזעהעניש די גרושה און איהר טאָכטער די אָבעזיאַנע. און ווען מיט דער אומגליקליכער פרוי האָט געטראָפען דאָס, וואָס עס האָט געטראָפען, האָט קיינער זיך גאָר ניט פערוואונדערט. פּונקט ווי אַנדערש וואָלט גאָר ניט געקאָנט טרעפען.

די צוקערט האָט זיך אין ערגיץ ניט געוויזען. זי איז צו קיינעם צו גאַסט ניט געגאַנגען און זעלטען ווערמען צו זיך איינגעלאַדען. איהר האָט איהר ניט געקענט בעגעגענען ניט אין טעאַטער, וואָס פלעגט זיך ביי אונז אַמאָל אָבשטעלען, ניט אין שטאָדט־גארטען, וואו עס פלעגט שפּיעלען מוזיק, און ניט אין אונזער וואלד, וואו אמאָל זאָגט מען זיינען געשטאַנען הויכע בוימער. זי האָט געלעבט ווי אַ פרעמדע ביי אונז, ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייַלע, ווי אויף אַ וואַקזאַל, וואו מען פערברייגגט אַ שטונדע אָדער צוויי און מען פאָהרט ווייטער. און דאָך האָט זי אָבגעלעבט ביי אונז היבשע עטליכע יאָהר, אַזוי דאָס דאָס ווייסע שילד אויפ'ן טויער פון דעם אונגעפאַרבטעם הילצערנעם הויז איז פאר דער צייט שוין פערגעלט און פערזשאַווערט געוואָרען.

נור שפּעט אין אבענד, אַרום עלף אַזייגער, פלעגט די מאַמע מיט דער טאָכטער זיך אַרויס־גנב'ענען פון הויז און זיך אוועקלאָזען הינטער דער שטאָדט צו דער נייער מיהל. דאָרט פלע־

גען זיי ארומשפּאציערען אויפ׳ן שאָסיי. דאָרט, זיינען זיי זיכער געווען, וועלען זיי זיך ניט אַנשטויסען אויף אַ בעקאנטע דאמע, אָדער אויף אונזערע שטעדטעלשע קאוואלערען — פּריקאזטשיקעס, באלעבאטישע קינדער אָדער גימנאזיסטען. די פלעגען אלע מאָל מיט געלעכטער אַריינקוקען זיי אונטער די שטרויענע היט. אָבער דער שאסיי איז אויך ניט געווען אָהן געפאהרען. פון שטאָדט פלעגען זיך צוריק קעהרען שכור'ע גוים און פלעגען זיי פערטשעפּען. די ביידע פרויען פלעגען ווי איבערגעשראָקענע מייזלאך זיך לאָזען לויפען, בעגלייט פון א גראָבען שכור׳ן געלעכטער.

מיט זייער גאנצער אַרט לעבען האָבען זיי זיך ווי געבעטען:

— פערגעסט אונז, דערמאהנט אונז ניט. זייט מוחל וואָס מיר לעבען. פערגעסט אונז, דערמאהנט ניט.

אָבער צום טויער איז געווען צוגעשלאגען א ליינגליך קיילעכדיגעס בלעכערנעס שילד און שוואַרץ אויף וייס מיט דריי־עקיגע בוכשטאַבען איז געשטאַנען: צאהנ־אַרצט, פלאמבעס און ז. וו. און צו דעם שילד האָט דאָס אויג זיך שוין צוגעוועהנט, עס איז געוואָרען ווי אַ זאך, וואָס געהערט צו שטאָדט. און אלע האָבען געוואוסט, אז דאָס שילד בעטייט צוויי מיאוסקייטען: אַ מוטער מיט אַ טאָכטער...

איך בין דאמאלס געווען נאָך יונג און געקעמפּפט מיט דער נויט און געגעבען שטונדען. מען האָט מיר פאָרגעשלאגען צו לערנען מיט אָליא׳ן . . .

מיין ערשטער שכר למוד איז געווען ניט פון געוועהנליכען סאָרט: די צוקערט האָט מיר אַריינגעזעצט דריי צעמענטענע פלאמבעס.

ליגענדיג אין דער גרינער קרעסלע מיט אן אויפגעריסענעם מויל האָב איך פון אונטער די אראָבגעלאָזענע ברעמען בעטראכט איהר געזיכט. אַ מאָדנע זאך: פון נאָהענט איז דאָס פּנים ניט געווען אזוי העסליך. די ווארימע שטייפע הויט איז געווען אפילו אנגענעהם. אַ געזונדע פרישע רויטליכקייט האָט פערצויגען ווי מיט אַ דין הייטעל די זומער־שפּריינקלאך. די האָר זיינען געווען זאָרגפעלטיג פערקאמט.

— עס טהוט וועה? — האָט זי מיך געפרעגט אין אַ געשעפטסמעסיג־גלייכגילטיגען טאָן, קאלופּענדיג אין מיינע צעהנער.

מיר האָט פערנומען ביים הארצען פאר דיעזער פרוי, וועלכע ליידט אומזיסט און אומגישט, אָהן אַ שולד און אָהן אַ ברעקעל זין.

די צייהנער האָט זי מיר פערריכט, זיי האָבען מיר מעהר ניט וועה געטהאָן אין אַ פייכטען רעגענדיגען וועטער, און איך האָב ווייטער געלערנט מיט אָליא׳ן.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז זי איז זעהר אַ פעהיגע און גאָרנישט קיין נארישע מיידעלע. זי האָט זיך פאר מיר געשראָקען, געקוקט אויף מיר פון אונטערן שטערן און אויף מיינע פראגען פלעגט זי ענטפערן מיט אַ קורצען „יא“ אָדער „ניין“. איין גאָט וויים: אפשר האָט זיך איהר געדוכט, אַז איך בין אויסען צו טהאָן איהר שלעכטס. זי פלעגט מיט אַזאַ חשד קוקען אויף מיר און ווען איך פלעג צופעליג אויפהויבען מיין קול, פלעגט זי אויפציטערן. די חשבונות, וואָס איך פלעג איהר אויפגעבען, פלעגט זי מאַכען מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט. אָבער איהר פלייס, האָט מיר געשיינט, איז געקומען ניט אַזוי פון דער ליעבע צו וויסענשאַפט, ווי פון מורא פאר מיר. מיט איהר גאנצען אויפפיהרען זיך — מיט איהר שווייגעדיגקייט, קאלטקייט און לויערנדען שרעק — האָט זי מיך אויפגעבראכט געגען זיך. איך האָב פיינד געקראָגען דאָס פּנימ׳על אין זומער־שפּריינקלאך — דאָס פּנימ׳על פון אַ קארליק. זי האָט מיך די גאנצע צייט געררייצט. עס איז מיר געווען דערווידער איהר צעפּעל מיט דעם בלויען אַריינגעפלאָכטענעם בענדעל. און אין וואָס פאר אַ נארישער אָרדנונג זי פלעגט צונויפלעגען איהרע העפטען און מיט וואָס פאר אַ טעמפּען ערנסט זי פלעגט דאָס זויגען די פען פאר׳ן אַריינשטעלען אין הענדטעל!

מיט דער מאַמען פלעג איך זיך טרעפען פערבייגעהענדיג. קיין איבריג וואָרט ניט גערעדט, אויסער גוט־מאָרגען און גוט־יאָהר. קענטיג געווען אז זי קוקט אויף מיר ווי אויף פיעלע אַנדערע, וואָס קומען און געהען אַוועק פרעמד און גלייכגילטיג.

איינמאָל בין איך געקומען אויף דער שטונדע פריהער ווי געוועהנליך. די טהיר פון דרויסען איז געווען אָפען. איך בין אריין, ניט אָנקלאַפּענדיג, און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטען. פלוצלונג האָב איך דערהערט, ווי די צאהנ־רייסערקע פארעט זיך אין קיך מיט איהרע קעסלען. דאָס האָט זי געקאָכט וואהרשיינליך דעם גומילאסטיק, וואָס זי האָט געברויכט צו דער אַרבייט, און באַלד האָט זיך צו מיר דערטראָגען אַ געשפּרעך פון דער מאַמען מיט דער טאָכטער.

אָליא איז געשטאַנען נעבען טהיר (דאָס האָב איך געזעהן דורך דער שפּארונע אין טהיר) און זי האָט גערעדט מיט אן אויפגערעגטער כליפּענדער שטים. משמעות פאר מיין קומען האָט זי געוויינט.

— מאַמע, איך וויין שוין מעהר ניט, — האָט אָליא אַרויסגערעדט.

אַ שווייגען.

— פאר וואָס שלאָגסטו מיך, מאַמעלע? ווידער אַ שווייגען.

— איך וועל מעהר ניט טשעפּען די אינסטרומענטען, מאַמעלע.

און דער מאַמעס קול האָט געענטפערט:

— הונדערט מאָל האָב איך דיר געזאָגט, ווען קינדער פאָלגען ניט שלאָגט מען זיי.

— איך וועל שוין ניט.

— איך האָב שוין געהערט.

— שלאָג מיך מעהר ניט — האָט די מיי־דעלע זיך געבעטען מיט אַ רחמנות־קול.

— אינסטרומענטען קאָסטען געלד — האָט די מאמע ערקלערט — קיינער האָט זיי מיר ניט געשאָנקען.

אַ פּאָר סעקונדען זיינען אַוועק אין שוויי־גען. איך האָב נור געהערט, ווי די צוקערט פּאָ־רעט זיך מיט די קעסלען. אֶליא האָט הילכיג אָבגעזיפצט, ווי זי וואָלט אַ כליפּ געטהאָן.

— מאמעלע — האָט די קינדערשע שטים גערעדט : — מאמע . . .

— וואָס ווידער ? — האָט יענע זיך אָבגערופען.

— לאָז מיך שטאַרבען, מאמעלע — האָט די מיידעלע שטיל זיך געבעטען. צו וואָס זאָל איך לעבען ? איך וויל מעהר נישט לעבען.

— מיט נאַרישע מענשען רייד איך אי־בערהויפּט ניט — האָט די מוטער בייז געענט־פערט.

— איך בין נישט אין כעס, וואָס דו האָסט מיך געשלאָגען — האָט מיין שילערין האסטיג זיך צורעדט. — דאָס אַרט מיך גאַר ווייניג. איך האָב געטשעפּעט די אינסטרומענטען, האָסטו מיר אַ קלאַפּ געטהאָן. איך האָב דיך נור געבעטען זאָלסט מיך ניט שלאָגען איבער'ן קאָפּ, ווארים איך דאַרף מאַכען די לעקציעס און עס געפאַלט מיר דערנאָך שווער. מאמעלע, לאָמיר ביידע שטאַרבען.

אַ שווייגען. עס דערטראָגט זיך צו מיר אַ רוקען אויף דער פּליטע און אַ קלינגען מיט די אייזענס.

— וואָס דאַרפסטו זיך מאַטערן ? — האָט די מיידעלע ווייטער געפּרובט איבעררייידען דער מאַמען אין אַ טאָן פון פולען ערנסט : — דו זאָגסט רק, עס דאַרף עפּעס פּאַסירען און עס וועט אונז זיין בעסער. איך פערשטעה ניט, וואָס קען דאָ פּאַסירען ? פּאַפּא וועט קיינמאָל ניט קומען צו אונז, קיינמאָל ניט.

— דיין פּאַפּא איז געשטאָרבען, — האָב איך דערהערט פרוי צוקערטס ענטפער, און אין איהר שטים האָבען זיך געפיהלט טרעה־רען.

— ניין, ליעבע מאמעלע. איך ווייס דאָך, פּאַפּא איז ניט געשטאָרבען. ער לעבט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס ? — האָט די מוטער פאַרזיכטיג געפרעגט.

— איך ווייס. אַלע זאָגען. מען האָט מיר דערצעהלט.

— נאַרישקייטען, — האָט די מוטער אַ ברום געטהאָן.

— ער וועט קיינמאָל זיך ניט אומקעהרען צו אונז. ער האָט אונז ניט האָלד. מיך קען ער גאַר ניט און וויל מיך ניט זעהן. ווינטער איז קאַלט אין שטוב, און גאַלאשען האָבען מיר ניט. מיר זיינען אומגליקליכע.

— מיר וועלען האָבען גאַלאשען.

— פון וואַנען וועלען מיר האָבען ? דו רעדסט נור אַזוי. מאמעלע, טייערע, גאָלדענע ! לאָמיר איינהייצען דעם אייוווען און זיך לעגען שלאָפען און שטאַרבען צוזאַמען. מען פיהלט גאָרנישט. מען האָט עס מיר דערצעהלט. אפשר וועט פּאַפּא קומען אויף דער לויה, עס וועט איהם פערדריסען, נור עס וועט שוין זיין שפּעט, און ער וועט זיך שעהמען.

איך בין אויף די שפּיץ פינגער אָפּגעגאַנ־גען פון טהיר. מיין הארץ איז מיר איינגעפאַ־לען פון פּאַר רחמנות. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי נאָהענט ניט געפיהלט פרעמדען אומגליק. איך האָב אומישנע הויך אָבגעהוסט. אֶליא איז אַרויס צו מיר און מיר האָבען זיך אַ נעהם גע־טהאָן פאַר די ביכלאַך. זי איז געווען רוהיג, די אויגען אַראָבגעלאָזען, איהרע מיאוס מאָגער פּנים בלייך ווי אימער. דאָס קורצינקע צעפּעל מיט'ן בלויען בענדעל האָט איהר זיך נאָכגעשאָ־קעלט פון הינטען.

עטליכע טעג כסדר האָב איך ניט געקאָנט פערגעסען דעם געשפּרעך, וואָס איך האָב צופע־ליג אונטערגעהערט. מיר איז שווער געווען צו בעגעגענען זיך מיט מענשען, זייערע רייד, זייער געלעכטער האָב איך ניט געקענט פערטראַגען. איך פלעג זעהען בעקאַנטע מענשען, — בעקאַנט פון קינדהייט אָן : קופּלייט, פוהרלייט, קלייט־משרתים, דאָקטוירים, און האָב געטראַכט, אַז יעדער פון זיי בעהאַלט שעמעדיג הינטער די טהירען פון זיין הויז אַ טרויעריגען סוד. יעדער פון זיי טראָגט שווייגעדיג און געדולדיג די לאַסט פון אַ צובראָכענעם לעבען.

מיר איז שווער געוואָרען צו געהן צו די צוקערטס. די מיידעלע איז געוואָרען נאָך שווייגעדיגער. עס זיינען אָנגעקומען די קעל־טען, ביי זיי האָט דאָס אייוועלע זעלטען זיך געהייצט. זי האָט גענומען לערנען ערגער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז קראַנק, און וויל פון דעם ניט זאָגען ניט מיר און ניט דער מאַמען. איך האָב זיך איינגעבעטען ביי אַ חבר ער זאָל מיך פערבייטען און האָב איהם בעקענט מיט דער „צאהן־רייסערקע“.

— ער וועט לערנען מיט אייער טאָכטער אנשטאָט מיר — האָב איך איהם פאָרגעשטעלט. זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. איך האָב זיך געאיילט אַוועקצוגעהן. אויפ'ן הויף האָט זי מיך אָנגעיאָגט :

— הערט ! הערט ! — האָט זי קיווטשענ־דיג מיר נאָכגעשריען. איך האָב זיך פון אנפאַנג

געמאכט ניט הערענדיג, דערנאָך האָב איך זיך אומגעקעהרט. זי איז געשטאַנען אין פּראָסט מאַגער און בלייך, מיט אַ וואָלענעם טיכעל אויפ'ן קאָפּ. ביים שיין פון קלאָרען ווינטער־טאָג איז איהר מיאוס פּנים געוועזן נאָך עקעל־דיגער.

— איך בין אייך שולדיג — האָט זי גע־זאָגט — פאַר די לעקציעס. אָבער איך האָב איצט ניט. איהר וועט אַזוי גוט זיין מיר וואַרטען. איך וועל אייך גאַנץ בעשטימט בע־צאָהלען.

איך האָב זיך עפּעס געשעמט און האָב אָבגעמורמעלט אַן ענטפער. מיר אַנטקעגען איז דורכ'ן טויער אריין אַ הויכער אַלטער איד, יאַנקעל דער קצב.

— האָט איהר געהערט אַ ביסעל? — האָט ער זיך צובייזערט — שוין דריי חדשים ווי איך האַלט אין איין געהן. קענט איהר ניט צאָהלען, טו עסט קיין פלייש ניט. איך בין אַליין אַן ארימאַן און האָב קיין צייט ניט צו געהן צו אייך.

דאָס ווייטערדיגע האָב איך ניט געהערט. פערשטעהט זיך, מיינע געלד האָב איך ניט בעקומען, און די צעמענטענע פלאַמבעס האָבען אין אַ האַלב יאָהר אַרום זיך אויסגעבראָקעלט. די אומגליקליכע האָט צו קיין זאַך ניט גע־טויגט.

דערנאָך האָב איך די אסתר צוקערט עט־ליכע מאָל בעגעגענט אויפ'ן גאַס. זי האָט קענ־טיג מורא געהאַט, איך זאָל איהר ניט אָבשטעט־לען און בעטען דאָס געלד. פלעגט זי גיך און אומגעלומפּערט ענטפערן אויף מיין בעגריסונג און פאַרביילויפען. דעם קאָפּ פלעגט זי איינ־ציהען אין די פּלייצעס. און זי האָט אין גאַנ־צען אויסגעזעהן ווי אַ קראַנקע אבעזיאַנקע, וואָס קאַרטשעט זיך פון פראָסט.

איך געדיינק: איינמאָל שפּאַציער איך מיט מיינע חברים, פרעהליכע, זאָרגלאָזע חברה־לייט. פלוצלינג דערזעה איך איהר. און האָב זיך ווידער פערשעמט. וואָס האָב איך זיך גע־שעמט? צי דערפאַר, וואָס מיר גליקליכע, פון לעבען געבאַלעוועטע, געהען גלייכגילטיג פאַר־ביי די מיאוסע, דערשלאָגענע און שווייגזאַמע בעשעפענישען? איך האָב זיך אָבגעקעהרט, און זי אַ בעליידיגטע איז רויט געוואָרען.

און דערנאָך האָב איך פערלאָזען מיין גע־בורטס־שטעדטיל. נאַטירליך, זיינען מיר ניט געלעגען אין זינען ניט די צוקערט מיט איהר שילד און ניט איהר טאָכטער, די מיאוסקייט, מיט איהר צעפּעל און בלויען בענדעל. פערגעסען האָב איך אויך יענעם שרעקליכען געשפּרעך, וואָס איך האָב אונטערגעהערט אין דעם ניט געהייצטען צימער.

פון צייט צו צייט פלעג איך פערפאָהרען אין מיין געבורטס־שטעדטעל. איך פלעג בעגעג־נען מיינע פריהעריגע בעקאַנטע און זיי ניט דער־קענען. איינע זיינען אויסגעוואַקסען, אַנדערע האָבען זיך גלאַט פערענדערט. איך האָב אויך זיך פונאַנדערגעפרעגט וועגען דער „צאָהן־רייסערקע“.

— לעבט נאָך?

— לעבט! — פלעגט מען מיר ענטפערן מיט מאָרנעם חוזק.

— פערדיענט?

— זעהר ווייניג.

— און די טאָכטער?

— אַ פערזעהעניש. וואָס ווייטער, אַלץ ערגער. זעהט אויס צו זיין אַ גרויסע שלאָק.

איך האָב שפּאַציערט איבער די שמאָלע גאַסען. די הייזער האָבען זיך מיר אויסגעווי־זען נידריגער, גרויער און ארימער. געוועזן אויך נייעס: אַ פּאָר פערד פּגירות האָבען געשלעפּט אַ וואַגאָן. ערטערווייז זיינען געשטאַנען מויערן אַנשטאָט אַמאָליגע הילצערנע הייזער. און איך האָב געזעהן נייע שילדען פון אַנגע־פאַהרענע דאָקטוירים און דאַנטיסטען. מיט איינינגע האָב איך זיך בעקאַנט. דאָס זיינען גע־וועזן פלינקע, בריה'דיגע הערען, אין ציכטיגע אַנציגלאך, ווי דייטשען. גערעדט רוסיש און געמאַכט זיך ווי זיי פערשטעהן אַ וואָרט אידיש ניט. צוויי זייערע זיינען נאָך געוועזן בחורים און האָבען זיך גערעכענט פאַר אויסגעצייכנע־טע פּאַרטיען צו אַ שידוך. די שטעדטעלשע מיידלאך פלעגען זיך אויספּוצען, אַנפּודערן און געהן צו זיי היילען די צייהנער, וועלכע האָבען זיי ניט וועה געטהאָן. און דער אָרימער צאָהן־רייסערקע האָט מען פערגעסען, זי איז פערדרוקט געוואָרען אין הינטערגרונד. נייע צייטען, נייע לידער.

איינמאָל אין אבענד האָט איך בעגעגענט מיין געוועזענע שילערין אַליאַ'ן. זי איז אויס־געוואַקסען, די זומערשפּרייקלאך האָבען זיך אויסגעגאָסען ווי פלאַמעס אויף איהר פּנים, די שפּיציגע פּלייצעס האָבען זיך אויפגעהויבען צו די אויערן, אין גאַנצען די מאַמע. מיר האָ־בען זיך אויסגעגלייכט און זי האָט קאַלט און גלייכגילטיג אַ קוק געטהאָן אויף מיר און גע־גאַנגען ווייטער. איך האָב איהר אַנגעיאָגט און איהר אָנגערופען.

— שוין־זשע געדיינקט איהר מיך ניט? — האָב איך געפרעגט פערוואונדערט און צו־רייצט.

זי האָט פּונקט אַזוי קאַלט אַנגעשטעלט אויף מיר איהרע מיאוסע אויגען, מיט אַנגעצונ־דענע ברעמען, און רוהיג געענטפערט:

— איך געדיינק. איהר זייט מיין לעה־רער.

זי האָט זיך אָבגעשטעלט און געוואָרט אויף פראַגען. איך האָב ניט געוואוסט פון וואָס אַנצוהויבען.

— געזונד ? — פרעג איך טרוקען.

— יא.

— און די מאמע ?

— אויך — ענטפערט זי גלייכגילטיג.

— „א שלאק“ — טראכט איך ביי זיך.

— און ווינטער איז ביי אייך ניט קאלט ?

— זי האט ניט פערשטאנען וואס איך וויל פון איהר.

— ווינטער ? — חזר'ט זי איבער און קוקט אויף מיר פערוואונדערט.

— ווינטער איז אין שטוב קאלט און אהן גאלאשען איז גאר שלעכט — רייד איך ווייטער. דער טייוועל וויים, צוליעב וואס איך האב גע־פייניגט די מיאוסע, שלעכטע, לאנגפיסיגע מיידעל.

— איך פערשטעה ניט, צוליעב וואס רעדט איהר דאס ? — האט זי ענדליך זיך אבגערופען.

זי איז לאנגזאם אבגעגאנגען פון מיר, קענטיג וועלענדיג טרעפען דעם זין פון מיינע ווערטער. אבגעהענדיג עטליכע טריט, האט זי על כל פנים זיך דערמאהנט איהר אמאליגען געשפרעך מיט דער מאמען, וואס איך האב אונטערגעהערט. זי האט זיך אומגעדרעהט צו מיר, אונזערע בליקען האבען זיך בעגעגענט און מיר האבען זיך גלייכצייטיג אבגעקעהרט איינע פון די אנדערע.

באלד בין איך אוועקגעפאהרען, און צופעליג, אין א האלב יאהר ארום, דערוויים איך זיך וועגען דעם טויט פון צוקערט און איהר טאכטער.

איך געדענק, איך האב זיך געקליעבען צו א געהויבענעם אבענד, צו ליעבע און פיינע לייט. פלוצלינג האט עמיצער אנגעקלונגען ביי דער פאראדנער טהיר און עס איז אריין א מאן, וועמען איך האב א פאר מאל געזעהן אין מיין געבורטס־שטעדטעל. דער מאן האט מיט זיינע ערצעהלונגען אנגעיאגט אויף מיר א מרה־שחורה : דער האט באנקראטירט, יענע האט חתונה געהאט און איז אונגליקליך מיט דעם מאן, א דריטער זיצט אין טורמע פאר א פאליטישען פערברעכען. דאס שוידערליכע, אונ'ברחמנות'דיגע לעבען האט גערעדט מיט זיין מויל — א לעבען וואס שטעלט זיך צונויף פון טויזענדער קלייניגקייטען און צופעליגקייטען, וועלכע פיהרען אבער אלע צום אונפערמיידליכען טויט.

— אבער הערט אקארשט, און די צוקערט — דערמאהן איך זיך פלוצלינג — וואס מאכט זי ?

— די צאהן־רייסערקע ? די גרושה ?

— יא, יא . . .

— האט איהר נישט געהערט ? זי איז געשטארבען. ביידע געשטארבען. מאלט אייך, פון אבענד האבען זיי איינגעהייצט די אייוועלע, אויסגעלייגט די קוילען אויף א פייער־פאן און זיך געלייגט אין בעט.

— זעלבסטמארד, הייסט עס ?

— ווי איהר זעהט. געפונען האט מען זיי טויטע ערשט אויפ'ן דריטען טאג . . . מאלט אייך . . .

— אויפ'ן דריטען טאג ? פאר וואס עפעס אזוי שפעט ?

— ווער זשע איז צו זיי געגאנגען ? צו זיי פלעגט קיינער ניט אריינשמעקען. ערשט צופעליג אויפ'ן דריטען טאג איז געקומען דער קצב און . . .

— דער קצב ? אט דער, ווי הייסט ער ? א הויכער ? . . . יאנקעל ?

— יא, יאנקעל, — האט בעשטעטיגט מיין גאסט. — ער איז געקומען נאך א חוב, האט ער זיי ביידען געפונען — די טאכטער מיט דער מאמען — אין בעט. פון אנפאנג האט מען געמיינט, אז זיי זיינען פערפרארען געווארען, ווייל אין הויז איז געווען קאלט ווי אין א פוסטינע, אבער דערנאך האט מען שוין געזעהן וואס עס איז.

מיין צופעליגער גאסט איז אוועק. איך בין שוין צום געהויבענעם אבענד ניט געגאנגען. טרויעריגע געדאנקען האבען מיך בעהערשט און מיך געמאטערט, אקוראט ווי איך וואלט דא א פערברעכען בעגאנגען.

איך האב געטראכט וועגען די בעשיידענע קליינע מענשעלאך פון מיין אומעטיגען געבורטס־שטעדטעל, וועגען דעם, ווי זיי פינסטערן אב זייער וועלטעל אין אונזיניגען ליידען, אין ענגשאפט און איינזאמקייט. איך האב אויך געטראכט וועגען יענעם שרעקליכען געשפרעך, וואס איך האב אונטערגעהערט און וועגען וועלכען איך האב דער צוקערטס טאכטער אזוי אכזריות'דיג דערמאהנט ביי מיין לעצטען בעגעגענען זיך מיט איהר, און האב פון הארצען אבגעזיפצט איבער די צוויי פערלארענע פרעמדע קברים אויפ'ן בית עולם פון מיין חושכ'דיגען געבורטס־שטעדטעל.

ניו־יארק.

ב. גאָרין

די ערשטע אידישע דראמאטורגען אין רוסלאנד

(צו דער געשיכטע פון אידישען טהעאַטער)

די פּורים שפּיעלס פון דעם נייגצעהנטען יאָהרהונדערט. — דער ערשטער אידישער דראמאטורג אויף דער רוסישער ביהנע. — דר. שלמה עטינגער און די ערשטע אידישע מעלאָדראמע. — די גרויסע ווירקונג פון „סערקעלע" אויף דער אידישער אינטעליגענץ און אויף אידישע שרייבער. — איהר שייכות מיט׳ן אָנהויב פון אידישען טהעאַטער.

Copyright by B. Gorin, 1914.

ווי ווייט עס איז מיר בעקאנט, איז וואָלפסזאָן געבליבען שטעהן איינער אליין צווישען די דייטשע משכילים און ניט נאָר איז ער געבליבען שטעהן אליין אלט דייטשער משכיל, וואָס האָט פערשוועכט זיין פעדער מיט אידיש, נאָר נאָכמעהר אלס דער שעפּפער פון אַ קאָמעדיע פון מאָדערנעם אידישען לעבען, און די ערשטע אידישע קאמעדיע האָט ניט ארויסגערופען קיין שום בעוועגונג פאר דער אידישער דראמע. דאָ און דאָרטען וואו די השכלה האָט אריינגעדרונגען האָט זיך פון צייט צו צייט בעוויזען אַ פערזוך צו שאַפּען עפּעס אויפ׳ן געביט פון דראמע, נאָר עס האָט אויסגעזעהן אז די איינציגע בעגייסטערונג האָבען די שרייבער געשעפּט פון דעם פּורים שפּיעל. ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל בעוויזט זיך אַ נייע פּורים שפּיעל, נאָר איצט ווערט דער מאטעריאל בעהאַנדעלט מעהר ערענסט. אַזוי איז אין 1800 ערשיענען אין אמסטערדאם „עררעטונג דער יודען הורך מרדכי און אסתר" א ט ר ו י ע ר ש פּ י ע ל אין יודיש דייטש פון יאקאָב אוים פּאָזען. איך האָב דאָס ווערק ניט געזעהן, נאָר פון דעם קעפּיל אליין איז גרינג צו זעהן, אז דער פריהערדיגער פאָרם האָט זיך איצט פערוואנדעלט אין אַ דראַמע און דער שאבלאנער ליץ מרדכי האָט אָנגענומען אַ דראַמאַטישע געשטאַלט.

און איין יאָהר שפּעטער געפינען מיר שוין אן איבערזעצונג אין אידיש פון אַ דראמע, וואָס איז אָריגינעל געשריבען אין העברעאיש. נפתלי הירש בן דוד פון לעמבערג האָט איבערזעצט די ביבלישע דראמע „מלוכת שאול" פון יוסף טראָפּלאָוויטש און געגעבען איהר דעם נאָמען „גדולת דוד ומלוכת שאול".

פּורים שפּיעלס, בעסערע אָדער ערגערע, זיינען געשאַפען געוואָרען נאָך לאנגע צעהנדליגע יאָהרען, נאָר שטיקער פון מאָדערנעם אידישען לעבען, מיט דער איינציגער אויסנאַהם פון וואָלפסזאָנ׳ס „לייכטזין און פרעמעלייא" אין יצחק אייכילס סאַטירע „רב הענאך אָדער וואָס טהוט מען דערמיט", האָבען זיך ניט בעוויזען ביז די השכלה איז ענדליך אריבערגעאַנגען קיין רוסלאנד.

הגם דאָ האָב איך איצט צו טהאָן נאָר מיט פּיעסען געשריבען אין יידיש־דייטש אָדער „יידיש דייטשער מונדארט" אָדער פּשוט מאַמע לשון, איז כדאי צו בעמערקען, אז דער ערשטער אידישער דראמאטורג אין רוסלאנד האָט זיך בעוויזען ביים סאמע סוף פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט, און ער איז געוועזן דער ערשטער איד וואָס האָט געשריבען רוסיש. דאָס איז געוועזן יהודה לייב בן נח אָדער ווי ער האָט זיך שפּעטער גערופען לייב נעוואכאוויטש.

אין דער הקדמה צום „יסוד עולם", שרייבט בערלין, אז לייב נעוואכאוויטש איז דער פערפאסער פון דער העברעאישער דראַמא „קול שועת בת עמי", וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין די נייניציגער יאָהרען פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט. מיר איז בשום אופן ניט געלונגען צו זעהן דאָס דאָזיגע ווערק. נאָר אין דער זעלביגער הקדמה שרייבט בערלין — אַז באַלד נאָכדעם האָט ער אָנגעשריבען אין רוסיש אַ צווייטען טהייל. און דאָס איז „וואָפּל דסטשערי יודעיסקאָי", דאָס הייסט דער וועהגעשריי פון דער טאָכטער פון יהודה — און בעדייט דאָס זעלבע וואָס אין העברעאיש „קול שועת בת עמי". דעם „וואָפּל דסטשערי יודעיסקאָי" האָב איך געלייענט און דאָס איז קיין דראמע ניט. דאָס איז אַ קרעכץ פון אידישער רעכטלאָזיגקייט און אן אַפּילו מען זאָל בעטראכטען אידען מיט מעהר לייטזעליגקייט, געשריבען אין דער דירקטער פאָרם פון אַ „פּראָשעניע", נאָר שטאַרק צוגעפארבט מיט מליצה. אויב דער „קול שועת בת עמי" אין העברעאיש איז געשריבען מיט דעם זעלביגען נוסח, איז דאָס ווערק על פּי טעות אָדער מיספערשטענדניס אריין אין דעם צעטיל פון דראמען.

אָבער יהודה לייב בן נח האָט געשריבען פּיעסען, און געשריבען ניט צוליעב דער פאָרם, נאָר טאַקע צו שפּיעלען, נאָר זיי זיינען געווען אין רוסיש. זיין ערשטע דראמע „סוליאָטי" אָדער „די ספּאַרטאַנצעס פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט" איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין 1809 אין דעם גרויסען טהעאַטער אין פּעטערבורג. מען ווייסט אויך וועגען זיינע אַ צווייטע דראַמע, וואָס האָט געהייסען „מעטש פּראַוואָסו־

דיא", דער שווערד פון גערעכטיגקייט.

אויב ער האט אנגעשריבען נאך אנדערע פיעסען איז ניט בעוואוסט.

יהודה לייב בן נח איז געווען פון די ערשטע אידישע משכילים אין רוסלאנד און אין זיין „וואפל דסטשערי יודעיסקאי" איז ער ארויסגעטראטען אלס קעמפפער פאר זיין פאלק. שפעטער אבער האט ער זיך גע'שמד'ט און דעמאלט איז ער געווארען לייב נעוואכאוויטש. ער האט געקראגען א שטעלע אלס מוכס, א טעקס קאלעקטאר, און האט דערפון אנגעקליבען גרויסע עשירות. נאך אין 1831, אין דער צייט פון דעם ערשטען פוילישען מיאטעזש, האט ער געמוזט אנטלויפען און ער איז באלד נאכדעם געשטארבען.

די ערשטע משכילים אין רוסלאנד און פוילען האבען איבערגענומען די השכלה מיט דער פארטיגער פיינדשאפט צו אידיש, נאר אין רוסלאנד האט די פיינדשאפט געקאנט זיין נאר אן אקאדעמישע. די ערשטע משכילים גופא האבען גערעדט מאמע לשון, זייער קענטנים אין אנדערע שפראכען איז געווען א טהעארעטישע און הגם זיי האבען געקאנט רעדען אין אנדערע שפראכען גראמאטיקאליש און ליטעראריש, איז אבער זייער אויסשפראך דאס רוב געווען א שלעכטע און זיי האבען דאריבער מיט מעהר חשק גערעדט אידיש. נאר דער עיקר איז, אז זיי האבען ניט געקאנט זעהן אין אידיש דעם געפעהרליכען ממזר פון דייטש און האבען ניט געקאנט פיהלען דעם מום אין דער משפחה. דער אידישער משכיל אין רוסלאנד און פוילען האט בשום אופן ניט געקאנט זעהן קיין חלול הקודש פון דייטש און אידיש, ווען אפילו ער האט זיך געפלייסט צו קוקען דורך דייטשע ברילען און געבייזערט זיך אויפ'ן „זשארגאן". טוביא גוטמאן פעדער (געבארען 1760 אין פעטראקאוו אדער פשעדבאזש, קראקאווער פשעדמעסטיע, געשטארבען 1817) איז גיכער געווען אן אויסנאהם מיט זיין שנאה צו אידיש און מען קאן פון איהם קיין כלל ניט ארויסנעהמען. טוביא פעדער איז דער פערפאסער פון דעם בעוואוסטען העברעאישען פאמפלעט „קול מחצצים", געשריבען אין 1813 אין דער פארם פון דיאלאגען געגען מענדיל לעווין, מענדעלזאהנ'ס א פריינד (געבארען 1741 — געשטארבען 1818) דערפאר, וואס יענער האט געמאכט דעם ערשטען פערזוך איבערצוזעצען משלי אין מאדערנעם אידיש, און אין איין פלאץ דריקט ער זיך אויס אזוי:

„דו האסט מחלל געווען די שעהנקייט פון דער דייטשער שפראך, אויף וועמעס שויס דו ביזט געבארען געווארען און האסט אויסגעקליבען א זשארגאן, פון וועלכען ניט דיינע עלטערן און ניט דיינע לעהרער האבען געוואוסט. דו ביזט פערוואנדעלט געווארען פון א מענשען אין א חיה, פון א געבילדעטען אין אן עם הארץ."

די משכילים אין רוסלאנד האבען זיך בשום אופן ניט געקאנט נעהמען שטארק צום הארצען, פאר וואס עס ווערט פערשוועכט די שעהנקייט פון דער דייטשער שפראך, און ווען דער רוסישער משכיל האלט זיך פיינדליך צום „זשארגאן" שטעקט ניט אין זיין שנאה קיין שום שארפקייט און קיין שום פערביסענקייט. י. ב. לעווינזאן שרייבט אין „תעודה בישראל" וועגען אידיש אזוי:

„די שפראך וואס מיר האבען איבערגענומען פון די דייטשען איז אין גאנצען קארומפירט דורך דער צומישונג פון צובראכענע ווערטער, גענומען פון העברעאיש, רוסיש, פראנצויזיש און פויליש. א חוץ דעם, איז די שפראך נאך צוגעפאסט אויסצודריקען א געוואוינליכען שמועס און האט קיין ווערטער פאר העכערע בעגריפען."

און עס דארף קיין שום חדוש ניט זיין, וואס דער זעלביגער פיאנער פון השכלה אין רוסלאנד האט אליין אנגעשריבען א קליינעם פארס אין אידיש אונטערן נאמען „די הפקר וועלט".

אין דער צייט האבען זיך אין רוסלאנד בעוויזען צוויי שרייבער, וואס האבען זיך מיט גרויס ליעבע גענומען צו דער אידישער דראמע, און געקנאטען די ערשטע ציגעל פאר'ן בנין פון דעם אידישען טהעאטער.

די צוויי שרייבער זיינען דר. שלמה עטינגער און ישראל אקסענפעלד.

סערקעלע.

עס דארף ניט זיין דער מינדעסטער ספק, אז פון אלע דראמען שרייבער, וואס האבען געשריעבען אין אידיש ביז גאלדפאדען, האט דר. עטינגער אויסגעאיבט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע און פון איהם הויבט זיך אן די אמת'ע געשיכטע פון אידישען טהעאטער.

שלמה עטינגער איז געבארען געווארען אין ווארשא אין דעם יאהר 1800. אין די קינדערשע יאהרען האט ער זיך ערצויגען ביי זיינעם א קרוב, רבי מענדעלע עטינגער, דעם לענטשיצער רב, ווייל נאך קינדווייז איז ער געבליבען א יתום. ער האט געשטאמט פון א לומד'ישער און רייכער פאמיליע.

צו דרייצעהן יאהר האט שלמה עטינגער שוין געהאט א נאמען פאר אן עלוי און אין דער זעלביגער צייט איז ער אויך געווען בעקאנט מיט דער דייטשער ליטעראטור. צוליעב די געשעפטען, וואס די פאמיליע האט געפיהרט אין אויסלאנד, האבען די עטינגערס ניט גערעכענט פאר קיין חטא צו לערנען דייטש און אריינקוקען אין א דייטשע ביכעל, אפילו

דער לענטשיצער רב איז געווען בעהאַוועגט אין דייטש.

שלמה עטינגער האָט יונג חתונה געהאַט אין זאַמאָשץ. ער איז אַריין אין אַ רייכע הויז, אָבער די רייכקייט איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען און ער האָט געדאַרפט אָנהויבען צו דאגה'ן וועגען פּרנסה. און ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, ווען דער מאַן איז געזעסען אין בית המדרש און איז ניט אַרויס פון די ד' אמות של הלכה, איז די ווייב געוואָרען די פּרנסה געבערקע. זי האָט געעפּענט אַ קראָם, און ער איז אַוועקגעפאָהרען אין אַדעס זוכען עפּעס אַ געשעפט. זיין ווייב האָט דאָרטען געהאַט רייכע קרובים, און ווי עס זעהט אויס האָבען זיי איינגעזעהען, אַז פון איהם וועט קיין געשעפטס־מאַן ניט ווערען און זיי האָבען איהם אַוועקגעשיקט קיין לעמבערג שטודירען, וואו ער האָט זיך ווידער געפונען ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט דאָרטען שטודירט מעדיצין און ווען ער האָט געענדיגט אויף דאָקטאָר האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיין ווייב אין זאַמאָשץ.

די השכלה האָט אויף איהם ניט געהאַט יענע ווירקונג, וואָס אויף די אַנדערע בחורים און יונגע לייט, וועלכע זיינען אַרויס פון בית המדרש. ער האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין שום חשק צו עסען אַ חלב'ענע ליכטעל, די זאַמאָשצער פרומע אידען זיינען ניט געוואָרען קיין „פלעדער מייז" און „ווידערשפּעניגער פון ליכט" („עטלפים" „ומורדי אור"). ער האָט זיך געפיהלט גאַנץ היימיש צווישען זיינע אַלטע בעקאַנטע און פריינד, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אַלס דאָקטאָר פון לעמבערג. ער האָט זיך געמישט אין קהל'שע ענינים און האָט פון זיך ניט געבלאָזען. אין שטעדטעל האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט דאָקטאָריי, נאָר ווי עס ווייזט אויס איז איהם ניט געגאַנגען, ווי מען קען זעהן פון דעם קליינעם שיר, וואָס ער האָט אָנגעשריבען צו זיין פופציגסטען געבורטסטאָג:

היינט בין איך געוואָרען פופציג יאָהר,
און האָב נאָך ניט איין גראָהע האָר;
עס זאָל אייך ניט זיין קשה קיינעם,
זיי ווערען פערשוואַרצט מיט מיר אין איינעם.

גלויבענדיג ווי אַלע משכילים פון יענער צייט, אַז אידען ווערען פערפאָלגט דערפאַר וואָס זיי זיינען שאַכער־מאַכער און די איינציגע רפואה דערצו איז ערד־אַרבייט, האָט ער זיך ניט בענוגענט מיט פּראָפּאַגאַנדירען דעם אידעאַל פון „צוריק צו דער נאַטור", נאָר ער האָט אַליין געגרינדעט אַ קאָלאָניע לעבען זאַמאָשץ און ער האָט זיך דאָרטען בעזעצט מיט זיין פאַמיליע.

שלמה עטינגער האָט אָנגעשריבען אַ מעלאָדראַמע מיט'ן נאָמען סערקעלע ווי אויך משלים, ליעדער און קאַטאַוועסלאַך. ער האָט זעהר געגאַרט צו זעהן זיינע ווערק געדרוקט, נאָר ער האָט ניט געהאַט די מיטלען דערצו, און זיי זיינען ערשט געדרוקט געוואָרען נאָך זיין טויט.

דאָס וויכטיגסטע פון זיינע ווערק איז די מעלאָדראַמע „סערקעלע". ער האָט די פיעסע אָנגעשריבען אין דעם יאָהר 1825 אָדער 1826, און זעקס און דרייסיג יאָהר איז די שטיק אַרומגעגאַנגען אין כתב יד פון איין האַנד צו דער צווייטער, ביז עמיצער האָט איהר אין 1861 אָבגעדרוקט אין יאָהאַניסבורג און אין 1875 האָט מען איהר איבערגעדרוקט אין וואַרשא אָהן דעם נאָמען פון דעם מחבר.

די יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע האָב איך ניט געזעהן, נאָר איך האָב געהאַט די מעגליכקייט צו פערגלייכען די וואַרשעווער אויסגאַבע מיט אַ געשריבענער קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל. עס איז זעהר מעגליך, אַז די קאָפּיע איז פון אַ הונדערטע קאָפּיע, און ווען אַ זאַך געהט דורך אַ סך הענד, רייבט זיך אַ סך אָב פון דעם אָריגינאַל. דאָך איז צווישען דער קאָפּיע און דער געדרוקטער „סערקעלע" פאַרהאַן אַ היבשער אונטערשייד. מאַנכע דיאַלאָגען אין דער געדרוקטער זיינען גאָר ניטאָ אין דעם מאַנוסקריפּט. פיעלע בעמערקונגען אין מאַנוסקריפּט זיינען אַרויסגעוואָרפען פון דער געדרוקטער. די שפּראַך איז בעדייטענד געענדערט, ווערטלאַך זיינען אַריינגעשטוקעוועט אָדער אַרויסגעוואָרפען.

ווי מען קאָן זעהן פון דער קאָפּיע, אפילו ווי פערגרייזט זי זאָל ניט זיין, האָט שלמה עטינגער געשטרעבט אויסצומיידען דייטשע ווערטער און געזוכט צו געבען זיי אַ אידישע פאָרם. אַזוי, למשל, בעצייכענט ער די שטיק אַלס אַ קוקשפּיעל אַנשטאַט דעם דייטשען שוישפּיעל; ער האָט בעשאַפען דעם וואָרט „אַריינקום" אַנשטאַט דעם דייטשען „אויפטריט" וכדומה. אין דער געדרוקטער „סערקעלע", איז דערפון קיין זכר ניט געבליבען.

אַזוי געפינען מיר אויך גלייך אין אָנהויב פון דעם ערשטען אַקט, וואו עס ערשיינט די דיענסט־מיידעל חוה, אַ דיאַלאָג צווישען איהר און דעם משרת. דער דאָזיגער דיאַלאָג איז אין דעם כתב יד גאָר ניטאָ.

אַמאָל איז דער דיאַלאָג אַזוי איבערגעמאַכט, אַז עס קלעבט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. ווי מען קאָן זעהן דערפון:

„דאָס טעכטעריל, ד אָ ס מ ש ו ל ח ת, האָט פּלוצלינג פון דער העלער הויט אַלע מעלות געקריגען. נאָר פון מיינעט וועגען לאָז זי זיין גרין. איך האָב שוין אַמאָל אויף דער מלכה גרין אויך אַ גרויסין קאהן אויס גינומען."

דער ווייז מיט דער גרינער מלכה קלעבט זיך ניט צו דער טעכטעריל ־ דער משולחת און קומט אַרויס זעהר האַמעטנע, און דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס מען האָט דאָ אַריינ־

געהאקט א ווארט משולחת, וואס אין כתב יד איז ניטא. אין מאנוסקריפט לייענט עס זיך אנדערס:

„די גרינגע צרה האט פלוצלינג פון העלער הויט אלע מעלות געקריגען. נאר וואס געהט עס מעך אן? לאז זי זיין גרין. איך האב שוין אמאל אויף דער מלכה גרין אויף א גרויסען קאהן אויסגענומען."

און דער וויץ האט דא א טעם.

אדער ביים סוף ניינטען אויפטריט ווערט אין דער געדרוקטער „סערקעלע" בעמערקט, אז „זי (הינדעלע) פאלט אין אהנמאכט". און אין דער זעלביגער סעקונדע קומט אריין חוה און רעדט מיט איהר און יענע ענטפערט איהר און מען זעהט ניט קיין חלשות, און דאס קומט אויס זעהר אומגעלומפערט. אין כתב יד לייענט זיך די בעמערקונג וועגען הינדעלע גאר אנדערס: „פאלט גאנץ פערשלאפט אנידער אויף קאנא־פע" און קיין „אהנמאכט" ווערט דא ניט דער־מאנט.

די שטיק האט צוויי נעמען: „סערקעלע" אדער „די פאלשע צוואה" און איז בעצייכענט אלס א קוקשפיעל אין פינף אויפציהען.

די פארשוינען זיינען:

ר' משה דאנציקער, איין אויפגעקומענער עושר.

סערקעלע, זיין ווייב.

פריידע אלטעלע, זיין איינציגע טאכטער. זי רופט זיך אן אויף דייטש פרידריקע.

הינדעלע, א יתומה, סערקעלעס ברודערס טאכטער ביי איהר אין הויז.

גבריאל האנדלער און שפיקולאנד.

ירחמיאל זיין משרת, ער זאהיקעט זיך אין רעדען.

מארקוס רעדליך, איין סטודענט וואס לערנט זיך דאקטעריי.

ר' יוחנן, א שדכן.

א פרעמדער.

א דאקטאר.

חיים, משרת ביי ר' משה דאנציקער.

חוה, דיענסט־מיידעל ביי ר' משה דאנציקער.

שמעלקע טראניקעס, א ליטוואק.

בעל הבית פון דער גאספידע.

בעריל, א משרת.

שמשים, יונגען, לאמפערטים.

די מעשה איז אין לעמבערג.

די צייט איז ניט אנגעגעבען, נאר פון דער מעשה זעהט מען, אז דאס איז שוין די נייע עפאכע אין דעם אידישען לעבען, ווען אידישע יונגע לייט האבען שוין שטודירט אין די אוני־ווערסיטעטען.

און אין אמת'ן ניט קוקענדיג אויף די ניינציג יאהר, וואס די פיעסע איז אלט, איז זי ניט עבר זמן געווארען. זי ווייזט ניט קיין סימן, אז זי איז געשריבען געווארען כמעט מיט צוויי דורות פריהער, איידער גאלדפאדען האט געלעגט דעם ווינקעלשטיין פון אידישען טהעא־טער. אויף דער אידישער ביהנע שפיעלט מען עד היום הונדערטע אזעלכע פיעסען, זיי זיינען געגאסען אין דעם פורעם פון „סערקעלע". מעהר ניט, אין סערקעלע איז די שפראך א פרישערע, א לעבעדיגערע, א אידישערע. „סערקעלע" איז געשריבען אין א מאדערנעם ריינעם אידיש.

סערקעלע איז געווען דער מוסטער פאר די שפעטערדיגע אידישע דראמאטורגען, און צו זאגען דעם אמת האבען זיי שלעכט נאכגעמאכט. זיי האבען נאר גענומען דאס מעלאדראמאטישע, די עפעקטען און האבען ניט געקאנט אנטאפען דעם לעבעדיגען אדער אין דער פיעסע.

סערקעלע דארף זיין א בילד פון דער אשת חיל, וואס האט זיך ענטוויקעלט אין א צייט, ווען דער מאן האט פון זיך אין גאנצען אראב־געווארפען דעם יאך פון פרנסה און די ווייב האט ניט נאר געדארפט זיין די עקרת הבית, נאר אויך די ברויט־געבערקע. זי איז געזעסען אין קראם, געפיהרט געשעפטען, ערצויגען די קינדער, און דער מאן איז געזעסען אין בית המדרש און האט געלערנט אדער געפאהרען צום רבי'ן.

אונטער אזעלכע אומשטענדען ווערט די ווייב א אידענע א קאזאק, זי טראגט די הויזען, און דער מאן איז א זכר אין א ספאדניצע, א פאנטאפעל.

די פעררייסענע זעלבסטשטענדיגקייט פין דעם ווייב דעם קאזאק און די שטילע רעבעלי־רענדע הכנעה פון דעם מאן דעם פאנטאפעל איז ארויסגעבראכט דייטליך, און ניט זעלטען בעגעגענען זיך איידעלע שטריכען אין דער שיל־דערונג. עטינגער האט געהאט דעם פיינעם געשמאק אויסצומיידען דעם גראבען בורלעסק, וואס מען בעגעגענט געוואינליך ביים שילדערן א פאנטאפעל מאן. ער האט זיך מעהר אפגע־שטעלט אויף דער טראגישער זייט ווי אויף דער קאמישער פון דעם מאן אין דער ספאדניצע. אין משה דאנציקער זעהט מען א קראנקע נשמה. די גאנצע סימפאטהיע פון דעם שרייבער איז אויף דער זייט פון דעם ארימען לא יוצלח, און דאס איז געווען די אורזאך, פאר וואס סערקעלע איז ארויסגעקומען געשילדערט אין געדיכטע פארבען, און אנשטאט א קאמעדיע, וואס דער פערפאסער האט בדעה געהאט צו שרייבען, איז ארויסגעקומען א מעלאדראמע.

די מעשה פון סערקעלע איז אזא:

סערקעלעס א ברודער איז ערגעץ אוועקגע־פאהרען און א בעריכט איז אנגעקומען, אז מיט איהם האט פאסירט אן אונגליק, האט זי געפעלשט זיין צוואה און זיין גאנצער פערמע־גען איז איבערגעגאנגען צו איהר. דעם ברו־דער'ס איינציגע טאכטער ערציהט זיך ביי איהר,

נאָר זי ווערט שלעכט בעהאַנדעלט פון איהר. סערקעלע האָט אן איינציגע טאָכטער און פערקנס'ט איהר מיט אַ סוחר, וועלכער ווייזט זיך ארויס צו זיין אַ גנב און א שווינדלער. דער ברודער קעהרט זיך בשלום צוריק אהיים, און זי מוז נעבאך צוריק קעהרען איהם דעם גאנצען פערמעגען.

עס איז גרינג צו זעהן, אז סערקעלע איז בשום אופן ניט דאָס בילד פון דער אידישער אשת חיל, וואָס האָט זיך געפּלאגט, געמאַטערט, געשלעפּט דעם יאָך, כדי איהר מאַן זאָל קאָנען זיצען און לערנען. נאָר עס וואָלט פון אונזער זייט געווען אַ גרויס אונרעכט צוצוטרעטען מיט אַזאַ קריטיק צו אַ פּיעסע, וואָס איז געשריבען געוואָרן אין אַ סענטימענטאלער ראָמאַנטישער צייט, ווען דער עיקר אין א ראמאן און אין א דראַמע איז געווען א שטאַרקע פאַבול. און ווען מען בעטראַכט „סערקעלע“ פון דעם שטאַנדפּונקט דארפען מיר בעוואונדערן די לעבעדיגע שטריכען, וועלכע זיינען צוואוואָרפען איבער דער גאנצער פּיעסע. אין דער זעלביגער צייט, וואָס דער שרייבער איז פערכאַפּט פון דער שפּאַנענדער פאבול, פערגעסט ער ניט די מענשליכע זייט פון זיינע פאַרשוינען. און דאָס הויבט אויף די שטיק אויף אַ העכערע מדרגה.

לויט איהר קאָנסטרוקציאָן שטעהט „סערקעלע“ א סך העכער פון הונדערטע, הונדערטע פּיעסען פון אונזער צייט אויף דער אידישער ביהנע. די פּיעסע איז געבויט נאָך אַלע רעגעלען פון דער דראמאטישער קונסט און סערקעלע איז זיכער געווען דער גלענצענדסטער אָנהויב פון דער אמת'ער מאָדערנער אידישער דראמע.

און הגם שלמה עטינגער האָט ניט נאָר ניט זוכה געווען צו זעהן „סערקעלע“ אויפגעפיהרט פאר זיין לעבען, נאָר אפילו ניט געדרוקט, האָט די דאָזיגע פּיעסע געהאַט די שטאַרקסטע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע. די פּיעסע איז אין מאַנוסקריפּט געגאַנגען פון האַנד צו האַנד און האָט בעגייסטערט אידישע שרייבער פאר דער אידישער דראמע.

אין דער אידישער פּאָלקס־ביבליאָטהעק, וואָס שלום עליכם האָט ארויסגעגעבען, האָט דער בעקאנטער העברעאישער משורר א. ב. גאָטלאָבער דערצעהלט זיינע זכרונות וועגען ש. עטינגער:

„אין 1837 ווען איך האָב ארויסגעגעבען מיין ערשטע ווערק „פרחי האביב“ בין איך עטליכע מאָל געווען אין זאַמאָשץ, וואו דר. עטינגער האָט געוואוינט. איינמאָל, ווען איך האָב געמיינט, אז איך האָב כאלעריע, וועלכע איז דענסטמאָל ארומגעגאנגען אין פּוילען, האָב איך געשיקט רופען דעם דאָקטאָר. ער איז געקומען, האָט מיך בעטראַכט און זאָגט צו מיר:

„— וואָס טויג אייך כאָלעריע? איך וועל אייך בעסער פאָרלעזען מיין „סערקעלע“.*)

„ער האָט מיר פאָרגעלעזען און איך בין געזונד געוואָרען.

„דער דאָקטאָר עטינגער האָט מיר צוגעגעבען חשק און איך האָב אָנגעהויבען שרייבען אין זשאַרגאָן. אין 1838 האָב איך אָנגעשריבען אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטען: „דאָס דעקטוך“ אָדער „צוויי חופות אין איין נאַכט“. שפּעטער האָט עס עמיצער אָבגעדרוקט אין ווארשא און פערגעסען אָנצוגעבען מיין נאָמען“.

אין דעם פּנקס תרע"ג, וואָס איז ערשינען אין ווילנא, שרייבט אברהם יעקב פּאפּירנא זיינע ערינערונגען וועגען א. גאָלדפאַדען — דערצעהלט ער, אַז גאָלדפאַדען איז געווען גאטלאַבערס א תלמיד און ער האָט זיך ביי איהם ניט נאָר אויסגעלערנט העברעאיש, נאָר ביי איהם אין שטוב האָט ער זיך בעקאַנט מיט'ן אידישען ליעד. גאָלדפאדען איז געווען מוזיקאליש און האָט געהאַט אַ שעהנע שטים. אין דער ראבינער־שולע אין דער צייט פון רעקרעאַציע פלעגט גאָלדפאדען אָפּט אָנציהען א גאטלאבערישע ליעדעל און די איבריגע שילער פלעגען אונטעראַלטען.

אין יאָהר 1862 איז געשטאָרבען דער אינספּעקטאָר פון דער זשיטאמירער ראבינער שולע יעקב אייכענבוים, און אויף זיין שטעל איז אָנגעקומען דער בעריהמטער אידישער געלעהרטער חיים זעליג סלאָנימסקי. מאדאם סלאָנימסקי, די טאָכטער פון דעם בעוואוסטען מאטעמאטיקער אברהם שטערן פון ווארשא, איז געווען זעהר אַ הויך־געבילדעטע פרוי. בטבע אַן אסימילאטאָרין, האָט זי אָבער מיטגעבראַכט פון ווארשא, ווי אַ קוריאָז, די אידישע דראַמע שרה'קעלע (סערקעלע) פון דאָקטאָר עטינגער פון זאַמאָשץ. די דראמע איז איהר זעהר געפעלען געווען, פלעגט זי ליעב האָבען זי פאָרצולעזען פאַר בעקאַנטע. דעמזעלבען ווינטער איז איהר איינגעפאלען צו מאַכען א ספּעקטאָקעל, וואו די דראמע זאָל געשפּיעלט ווערען דורך די שילער פון דער ראבינער שולע. זי האָט פערנאַנדערגעטהיילט די ראָלען, אָרגאַנירט, רעפּעטירט, געזאָרגט פאר פּאַסענדע דעקאָראציעס, און דער ספּעקטאקעל איז צושטאַנד געקומען אין געגענוואַרט פון די לעהרער פון

*) צינבערג גיט אָן אין „וואָסכאָד“, אַז „סערקעלע“ איז פערפאַסט געוואָרען אין 1837. ער האָט וואַרשיינליך דעם דאטום גענומען פון גאטלאבערס ערינערונגען. דאָ אָבער ווערט אַזאַ דאטום ניט אָנגעגעבען.

דער ראבינער־שולע און פון דער איבריגער זשי־טאמירער אינטעליגענץ. דער ספעקטאקעל האָט געמאכט א פוראר. די שילער האָבען זייערע ראָלען גוט געשפיעלט, נאָר מעהר פאר אלעמען האָט זיך אויסגעצייכענט גאָלדפאַדען, וואָס האָט געשפיעלט די שווער־סטע ראָלע — סערקעלע.

דערפון איז גרינג צו זעהן די געוואלדיגע ווירקונג, וואס „סערקעלע“ האט געהאט אויף דער אידישער אינטעליגענץ צעהנדליגער יאָה־רען נאָכאנאנד, און די שייכות פון סערקעלע מיט דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע און מיט דער גרינדונג פון דעם אידישען טהעא־טער.

עס איז צו בעוואונדערען, ווי דר. עטינ־גער האָט ניט נאָר גוט געוואוסט די קאָנסטרוק־ציע פון א דראמע, נאָר ער האָט אויך אינסטינק־טיוו זיך אָנגעשטויסען אויף ריין טעכנישע זאכען, וואָס מען קאָן ניט וויסען סיידען מען שרייבט א לאנגע צייט פאר א טהעאטער. אזוי, למשל, עפענען די ערשטע סצענע אין דעם ערשטען אקט דער משרת און די דיענסט־מייד־על. שפעטער איז דאָס געוואָרען א שאבלאָן און כמעט אין דריי פיערטעל פיעסען פון אי־דישען טהעאטער עפענט זיך אזוי די ערשטע סצע־ע. קיין שטערן וויל ניט עפענען קיין פאָרהאנג אויף דער אידישער ביהנע. ער האט אויך אינסטינקטיוו פערשטאנען צו ענדיגען אן עקזיט מיט אן עפעקט.

כמעט אלע פארשוינען אין סערקעלע האָ־בען ווערטלאך. סערקעלע אליין זאָגט „אוי, מיינע כחות!“ דער שדכן ר׳ יוחנן ברויכט א ווערטיל: „קומט מיין שמיעה אפער“. און דאָס איז אויך נאָכדעם געוואָרען א שאבלאָן פאר אלע דראמאטורגען אָהן אויסנאהם.

איך האָב שוין אויפמערקזאם געמאכט, אז סערקעלע איז געשריבען ניט נאָר אין דעם רייִנסטען אידיש, נאָר דר. עטינגער האָט אויך געזוכט צו בעשאפען ריינע אידישע טערמינען פאר א קונסט, וואָס איז געווען נאָך גאָר פרעמד דער שפראך. אזוי ווי די מעשה קומט פאָר אין לעמבערג, האָט די שפראך א לאָקאלען שטעמפעל, ווי, למשל, „עך“, „מעך“ און דאָס גלייכען. דער ליטווישער איד וואָס קומט אריין אין דער פיעסע רעדט מיט׳ן סמך. נאָר טריי־צום רעצעפּט, וואָס וואָלפסזאָן האָט געגעבען, רעדען די געבילדעטע דייטש, ווי אין „לייכטזין און פרעמעליי“. דאָס איז געוואָרען א חוק ולא יעבור, אז די געבילדעטע זאָלען רעדען דייטש.

ער שיידט זיך אָבער פון וואָלפסזאָן דער־מיט, וואָס אין דער צייט, וואָס וואָלפסזאָן האָט זיינע אייגענע בעמערקונגען געמאכט אין דייטש, מאכט דר. עטינגער זיינע בעמערקונגען אין ריי־נעם אידיש.

י. י. שוואַרין

א קרעטשמע
(א בילד)

א פערוואָרפענע הויז אויפ׳ן שליאַך...
ס׳לויפט אין גאָלדענע זאַמדען א וועג.
פון דער וויט גלאַנצט דער נעמאַן ארויס
מיט א גרינעם בעוואַקסענעם ברעג.

ס׳גרינט ביים זייט א פערפלאָכטענער וואָלד,
פעלדער טרוימענדע ציהען זיך שטיל —
אין דעם מורמלענדען וואַסער פון טייך
רוישט דער ראָד פון דער הילצערנער מיהל.

ס׳ליגט אן אַלטער מאָהילניק ניט ווייט;
א פּאָאַר צלמים געבויגען צו דר׳ערד,
א צופוילטער א הילצערנער צוים —
אין דעם גראָז — א געפּענטעטער פערד.

ביי די פענסטער — ראָמאַשקעס און גרינס,
וויעגען שטיל זיך אין ווייס און אין געל.
אין פערגעהענדער זון זיצט א קינד,
ביי דער אָפענער טהיר אויפ׳ן שוועל.

ס׳קומט די עלטערע טאָכטער פון טייך,
מיט א נאַסען בלאָנד־גאָלדיגען קאָפּ;
א פערברוינטע פון זומער זון,
פלעכט זי, זינגענדיג־היימליך, איהר צאָפּ.

און דער זוהן, מיט די לייכטע קריג,
איז נור וואָס אָנגעקומען פון שטאָדט;
מיט א האַמער אין אייזערנער האַנט,
ער פערריכט א צובראָכענעם ראָד.

און די מאַמע, פערוויטעלט, פערטהאָן,
מעלקט די קיה אין דעם אָפענעם שטאַהל;
אויף איהר טיכעל דעם ווייסען פון קאָפּ
פאַלט א לעצטער פערגעהענדער שטראַהל.

ס׳ציהען שאָטענס פון בוימער זיך לאַנג,
ס׳שלאָגט א ראָזיגער שיין אין א שויב —
דורך די שפאַלטען פון שטרויענעם דאך
וואָרקעט טרויעריג־צערטליך א טויב.

און דער טאַטע, שוואַרץ־גרויליך זיין באָרד,
זיצט זיך שטיל ביי „עין־יעקב“, פערטראַכט;
קוקט דורך אַלטע שפּאַקולען ארויס
אין דעם וואַרעמען זומער־פאַרנאַכט.

ש. ראָזענפעלד

בריעף איבער דער אידישער ליטעראַטור

(„קריסטליכקייט" אין דער אידישער ליטעראַטור)

.5

ווי אזוי ווירקט די מיסטיק אויף אונזער געזעלשאַפטליכען צוזאַמענלעבען? ווי אזוי ווירקט זי אויף אונז אלס מענשען בכלל און אלס אידען — — — אויך שוין אין דעם כלל?

ווער עס האָט אַן אויג די מענשען צו זעהען און זיי צו דערקענען, דעם קומט אויס די לעצטע יאָהרען זעהר אָפט צו בעגעגענען — דערהויפּט אין ליטעראַרישע קרייזען — מענשען־שוואָמען, וואָס האָבען אין זיך אריינגעזויגען דעם מיסטישען הויך און די מיסטישע שטימונג. (מעהר ווי לופט־הויך און שטימונג לאָזט זיך בכלל פון דער מיסטיק ניט נעהמען). ב ע ו ו א ו ס ט ז י נ י ג ע שוועבען אַט די מענשען ארום צווישען אונז, ווי די ווינטערפליגען. שטענדיג מיט'ן „וועלט־שמערץ" אין די ה ע נ ד — כדי לייט זאָלען זעהען — שטענדיג מיט פערגלאָצטע אויגען, שטענדיג א פערצווייפעלטען מאַך מיט דער האַנד אויף דער וועלט מיט איהרע אומגליקליכע בעשעפּניסען, וואָס הייסען מענשען. אליץ, וואָס געפינט זיך אַרום זיי, האָט, אייגענטליך, קיין רעכט ניט צו עקזיסטירען אויף איין פּלאַנעטע מיט זיי, מיט די גרויסע און איינציג־חשובע. נור מילא — זאָגט אייך דער מיסטיקער — זאָלען זיי אַלע דאָרט מיינען, אז זיי לעבען. אלענפאַלס זיינען זיי דאָך ניט ווערטה, אז א י ך, פּלוני בן פּלוני, זאָל גאָר אפילו ו ו ע ל ע ן זיי אויסראָטען. ווארהאפטיג, איך וואָלט זיי אפילו ניט בעמערקט אויך, נור וואָס בין איך שולדיג, אז זיי זשומען מיר שטענדיג איינטעניג אין די אויערן, און יאָגען אָן אויף מיר אזאַ מורא'דיגע לאַנגווייליגקייט? טהוט ער, דער מיסטיקער, פאַר זיי, פאַר די נאַרישע און לאַנגווייליגע מענשען, דאָס בעסטע, וואָס ער איז בכח צו טהאָן: ער ווענדט אָב זיינע אויגען פון ז י י, קוקט נור אין זיך, קרעכצט און געניצט פאַר־זיך.

קיין וועלטען — ווי ס'איז צו זעהען — וועלען אָט די מיסטישע בעשעפּניסען ניט בויען, אָבער חרב מאַכען אונזער וועלט וועלען זיי אויך ניט.

פאַרהאַן אָבער צווישען די אָנהענגער פון מיסטישע ווערטהען אויך אזוינע, וואָס ב ו י ע ן — בויען זיי אָבער ניט, אָבער חרב מאַכען זיי יאָ.

א צוויי דריי פאַקטען:

אין רוסלאַנד האָט די כאָלערא איהר שניט־צייט געהאַט. אין דער וויטער רוסישער פּראָווינץ, ווי אין די קליינע אידישע שטעדטלעך, האָט זי א חורבן געמאַכט. זיינען אין דער רוסישער פּרעסע אָפט געקומען ידיעות פון די דערפער, אז די פויערים האָבען דאָ און דאָרט געשלאָגען די דאָקטוירים מכות־רצח, האָבען פערברענט די כאָלערא־באַראַקען און האָבען זיך ענטזאַגט פון אָנצואווענדען וועלכע עס איז סאַניטאַרע אָדער היגיענישע מיטלען. מיט „באַבסקי רפואות" נור האָבען זיי זיך געהיילט און דערמיט נאָך פרוכטבאַרער געמאַכט דעם באָדען פאַר די כאָלערא־באַצילען.

האָבען מיר דאָס אונזערע עטליכע אין א רעדאַקציע פון א אידישער צייטונג געלייענט און בעדויערט די בלינדקייט פון'ם רוסישען פויער און זיך עמפּערט וועגען זיין קולטורלאָזיגקייט. שטילערהייד האָט זיך יעדער פון אונז געגריסט דערביי דערמיט, וואָס ביי אונז, אידען, זיינען אזעלכע ווילדקייטען אונמעגליך.

אין דערזעלבער צייט קומט אין רעדאַקציע אריין א בריעף פון א אידיש שטעדטעל, וואו די כאָלערא האָט גע'בעלהבת'עוועט. בעקלאָגט זיך דער שרייבער דערויף, וואָס זיין כאָלערא־שטעדטעל געפינט זיך אין א שרעקליכען צושטאַנד. קיין סאַניטאַר־היגיענישע מיטלען ווערען ניט אָנגעווענדט. פאַרהאַן אין שטעדטעל א דאָקטאָר, אָבער אז ער הייסט עפּעס טהאָן געגען דער כאָלערא לאַכט מען פון איהם. איין מיטעל נור ווערט אָנגעווענדט: אַלע צוויי וואָכען שטעלט מען א שוואַרצע חופּה אויפ'ן בית עולם... העלפט דאָס אָבער ניט.

איז דאָך דער שכל הישר מחיב, אז מען דאַרף אויפמערקזאַם מאַכען דאָס אבערגלויבישע אידישע שטעדטעל דערויף, אז פאַר סאַניטאַרע מיטלען וועלען זיך די כאָלערא־באַצילען ניכער דערשרעקען, ווי פאַר שוואַרצע חופּות.

אָבער איינער פון מיינע מיטאַרבייטער — א שריפטשטעלער מיט א נאָמען — האָט כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען געפאָדערט, אז מ'זאָל נ י ט שרייבען געגען די שוואַרצע חופּות. ווער ווייסט — האָט ער גע'טענה'ט — וויפיעל פאָלקס־גייסט עס שטעקט אין דעם

מנהג. און גלויבט דאָס פאָלק, אז שוואַרצע חופּות זיינען א סגולה צו כאָלערא, א י ז דאָס אויך א סגולה. מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט — האָט ער אַלץ גע'טענה'ט — אויסלאַכען קיין אבערגלויבען, ווייל קיינער ווייסט ניט וואָס'ערע מיסטישע פאָרשטעלונגען זיי רופען ארויס ביים גלויביגען. מיר ווייסען איצט, אז א געוויסער, גייסטיגער צושטאַנד, וואָס מען קומט צו איהם אפילו דורך אבערגלויבען, קאָן ווירקען אויף א קראַנקהייט א סך ראַדיקאַלער, ווי אַלע מעדיצינישע מיטלען א. ז. וו., א. ז. וו. ביז כפּיריטיזם, מיסטישען עקסטאַז, לורד, מופתים און אָהן אן עק...

ס'איז קלאָר ווי ווייט די ווירקונג פון אַזאַ מענשען גרייכט, ווערט זיין מיסטיק א דירעקטע געפאַהר פאַר מענשען.

און אָט האָט איהר א צווייטען פאַקט, אויך פון דערזעלבער צייט, נור פון אן אַנדער געביעט.

אין א רעכט גרויסער, אידישער שטאָדט, אין וואָלינער גובערניע, איז געשעהן פאָלגענדעס: אין א אידישער שוהל האָט מען אראָבגעבראַכט א לעהרער פאַר אידישער געשיכטע און אידישער ליטעראַטור. איז קומענדיג צו דער אידישער געשיכטע פון פאַר'ן צווייטען חורבן, האָט דער לעהרער א צייט לאַנג געלייענט די ליידענס־געשיכטע, אָדער די געשיכטע פון דער „ליידענס־וואָך“ פון קריסטוס מיט אַלע נסים און מופתים, וואָס זיינען פערבונדען מיט דער וואָך. אין שטאָדט איז געוואָרען א טומעל, וועגען דער מעשה האָט מען גערעדט ווייט ארום דער שטאָדט.

איז אין פערשיעדענע אידישע גרופּען די געשיכטע פערענטפערט געוואָרען פון מיסטישען שטאַנדפּונקט אויס, אונגעפעהר אזוי:

„די מיסטיק ווייסט ניט פון קיין פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט אָדער צוקונפט. אַלע צייטען זיינען קאָנצענטרירט נור אין דעם א י צ ט י ג ע ן מאָמענט. דאָס גאַנצע ו ו י ס ע ן בעשטעהט נור אין זעלבסטבעוואוסטזיין. דאָס ק ע נ ע ן די וועלט שטאַמט נור פון קענען זיך. דער מענש איז די וועלט אין מיניאַטור. מ מ ש ו ת האָט נור דער גייסט, די מיסטעריען, די שטימונגען, וואָס האָבען א רעליגיעזען כאַראַקטער. און קומט מען צו מיסטעריען איז קיין חלוק ניט צווישען איד און קריסט. אַלע מיסטעריען קאָן מען משיג זיין נור אינטואיטיוו, נור אין מאָמענט פון „עלית נשמה“. נאָך מעהר, די רעליגיעזע מיסטעריען זיינען ביי אַלע פעלקער דיזעלבע, אין אַלע רעליגיאָנען דיזעלבע.

והראיה, דיזעלבע מיסטישע פיגורען, צאָהלען און עראָטישע עלעמענטען, וואָס איהר געפינט אין דער קריסטליכער מיסטיק, געפינט איהר אויך אין די מיסטישע זעהונגען פון אידישע מקובלים פאַרצייטען, ווי אין די זעהונגען פון שבתי צבי, בעל שם, יעקב פראַנק אין די שפּעטערע צייטען.

און דערפאַר האָבען פיעלע אידישע יונגע לייט געמאַכט גאַנץ לאָגישע פּ ר אַ ק ט י ש ע אויספיהרונגען.

קוים זיינען די מיסטישע זעהונגען רעאַלע פאַקטען; קוים זיינען די מיסטישע זעהונגען ביי אַלע פעלקער און אַלע רעליגיאָנען גלייך, איז עס צייט, אז עס זאָל פערשוואונדען ווערען דער חלוק צווישען איד און קריסט. א איד־קריסט דאַרף אויפשטעהן, וועלכער וועט קומען אין דער וועלט אריין ניט מעהר ווי א פרעמדער צווישען די פעלקער, נור ווי אן אייגענער — ווייל ער וועט קומען מיט דיזעלבע מיסטעריען, מיט דיזעלבע הייליגטימער, מיט דערזעלבער רעליגיעזער מעטאַפיזיק. נ אַ צ י נ אַ ל — וועט ער אויך אויף ווייטער בלייבען א איד.

און וואָס מעהר גרופּען פון אידען־קריסטען עס וועלען געשאַפען ווערען, אַלץ גיכער וועלען אידען אויסגעלייזט ווערען פון זייער שווערען גלות, דאָס וועט ברייננען זייער בעפרייאונג, און די גאַנצע וועלט וועט אויך בעפרייט ווערען פון דעם גרויסען האַס, וואָס זי טראָגט אויף אונז דערפאַר, וואָס מיר זיינען מיסטיש אָבגעשיידט פון איהר...

און אָט די מענשען זיינען געוועזען גאַנץ ערנסט און גאַנץ אויפריכטיג. זיי האָבען נור ניט בעגריפען, אז אין עצם שאַפען זיי דאָ א נייע קאָמבינאַציע, ווי אזוי די אידען־פראַגע צו פערענטפערען, ווייל די אַנדערע קאָמבינאַציעס האָבען באַנקראָטירט.

די רעוואָלוציע האָט די אידען־פראַגע ניט פערענטפערט, זאָל זי די מיסטיק פערענטפערען. די אידען־פראַגע איז געבליבען ניט געלעזט אויף דער ערד, זאָל זי געלעזט ווערען אין די מיסטישע הימלען... די ערד וועט זיך שוין נאָך דעם מ ו ז ע ן אונטערגעבען.

מיסטיש־געשטימטע אידישע שריפטשטעלער, זיינען אין יענער צייט געגאַנגען לערנען תורה ביים כשר'ן ראָזאַנאָוו'ן פון „נאָוואָיע וורעמיאַ“; ער האָט זיי אריינגעפיהרט אין וויינגאָרטען פון דער קריסטליכער מיסטיק. א נפש האָט זיך דאַן געהאַט בעוויזען אין ליטעראַרישע קרייזען, וועלכער האָט אויפריכטיג געשפּיעלט די ראָלע פון א ע ר ל ע ז ע ר פאַר אידען. און מענשען האָבען ניט געפעהלט, אפילו פון צווישען אונזערע גרעסטע, וואָס האָבען רעכט לאַנג געגלויבט, אז דער רוח הקודש פון א משיח שוועבט איבער'ן קאָפּ פון דעם יונגען מיסטיקער. און דער דר. זשיטלאָווסקי, למשל, הערט ניט אויף פון דעמאָלט אָן צו פראָפּאַגאַנדירען די אידעע פון אידען־קריסטען: ער האָט אפילו א גאַנץ גרויסע נאַציאָנאַלע סוכה אויפגעבויט, וואו אידען־אידען, אידען־

קריסטען, אידען־מחמד'אַנער און אידען־בוּדיסטען זאָלען זיצען אונטער איין סכך. און עהנליכע מיסטישע בנינים געפינט איהר אויך אין דער העברעאישער ליטעראטור לרוב.

און אויך זיי אַלע זיינען אויסגעהאַלטען. וואָרום די מיסטיק איז נעמליך יענע פינסטערע נאַכט, וואו אַלע קיה זיינען שוואַרץ.

אַט אַזוי לעבט און ווירקט צווישען אונז דער מיסטישער גייסט און דעמאָראַליזירט דעם אידען פון לעזער־פּובליקום און די אידישע געזעלשאַפט.

6.

איך זאָג דעמאָראַליזירט, ווייל די גרעסטע מיסטיקער פון 13טען יאָהרהונדערט — ווי א עקהאַרט, למשל — האָבען שוין איינגעזעהן, אז די מיסטיק, וואָס זעהט און בעגרייפט די גאַנצע וועלט נור אין זיך און פון זיך, איז סותר די זיטליכקייט, מאַכט לחלוטין איבריג מאָראַלישע האַנדלונגען צווישען מענש און מענש, און איז — אין בעסטען פאַל — אַמאָראַליש. האָבען זיי געזוכט א פּשרה — דערהויפּט עקהאַרט'ס תלמידים — און האָבען זי געפונען אין דער מאָס, וואָס זיי האָבען זיך אראָבגעלאָזט פון די מיסטישע הימלען, און געזוכט א באָדען אויף דער פּשוט'ער ערד.

און ווילען מיר זיטליכקייט, אידעאַליזם און פּאָעזיע אריינברענגען אין אונזער מאַטעריאַליסטישער וועלט, דאַן דאַרפען מיר אויפהערען צו זוכען אַט די אַלע גוטע זאַכען אויפ'ן הימעל און זיי זוכען אויף דער ערד.

וואָרום ניט אין אָבזאָגען זיך פון דער וועלט שטעקט אידעאַליזם, נור אין צובינדען זיך צו דער וועלט. ניט אין דער בעציהונג צווישען מענש און גאָט שטעקט זיטליכקייט, נור אין דער בעציהונג צווישען מענש און מענש. ניט אין דער באָדענלאָזער פאַנטאַזיע שטעקט פּאָעזיע, נור אין א הויבען אידעאַל, וואָס מענשען שאַפען פאַר מענשען. און ניט אין דער פערגאַנגענהייט האָבען מיר צו זעהען די גאָלדענע צייט, נור אין דער צוקונפט.

לאַנג פערשוואונדען זיינען די צייטען, ווען די געטער און האַלב־געטער האָבען געגאַלטען ווי די קווינט־עסענץ פון דער בריאה, וואו דער מענש איז געשאַפען געוואָרען נור כדי זיי צו דינען, און איין מענש אויפ'ן אנדערען האָט געקוקט ווי אויף א וואָלף.

די חלוקה איז לאַנג שוין פאַרגעקומען. די געטער האָט מען אָבגעגעבען יענע ווייטע הימלען, וואוהין דער מענש מיט זיין בעוואָפענטען אויג קען ניט דערגרייכען; און די ערד מיט די הימעלס־ספערען, וואָס דער מענש דערגרייכט, געהערען צום מענשען. און איין מענש אויפ'ן אנדערען קוקט ווי אויף א גאָט.

און די אַלטע געטער־קולטור פאַלט אַלץ מעהר און מעהר פאַר דער מענשליכער קולטור, וואָס די געטער־פרייע מענשען שאַפען.

און אידעאַלען שוועבען פאַר דעם מענשען, וואָס ווילען און וועלען איבערשאַצען אַלע מאָראַלישע און זיטליכע קורטור־ווערטהען, וואָס מיר האָבען בירושה פון דער געטער־צייט.

א פרייער, זעלבסטשטענדיגער, אויפריכטיגער מענש וואַקסט פאַר אונזערע אויגען. וועלכער וויל ניט וויסען פון קיין אונטערדריקונג אין קיין שום פאָרם, און וועט ניט קענען קיין חלוק צווישען מענש און מענש, נאַציאָן און נאַציאָן אין קיין שום פּרט.

פריי פון די הימלען, פון מלאכים, ווי פון שדים, פריי פון פרעמדען ווילען און פרעמדער געוואַלט, פריי פון מאַסקעס און פון גרים — ווייל די נייע, קומענדע קולטור וועט שטעהן פעסט אויף דער פעסטער ערד.

און ווער עס האָט נור פינף געזונדע חושים, דער זעהט די צעהנדליגע מיליאָנען פּשוט'ע מענשען, וואָס טראָגען די נייע קולטור אין דער וועלט אריין. א קולטור, ניט קיין השכלה, וואָס איז געזונד און פריש און ריין פון מיסטישע משוגעת'ען און אבערגלויבען, ריין פון שאַרלאַטאַנישע שדים, דבוקים און וואַסער־מיידלעך, ריין פון גייסטיגער און פיזישער קנעכטשאַפט. א קולטור ניט פון אויסדערוועהלטע פאַר אויסדערוועהלטע, ניט פון „אנשי שלומני" פאַר „אנשי שלומני", נור א קולטור פון מיליאָנען־מאַסען פאַר מיליאָנען־מאַסען; א קולטור, וואָס גילט גלייך פאַר אַלע פעלקער, אַלע לענדער און אַלע שפּראַכען.

און ווער עס האָט נור פינף געזונדע חושים, דער זעהט ווי מיליאָנען ברידער־מענשען, פון פערשיעדענע פעלקער און פרשיעדענע לענדער, פיהרען דעם קאַמפף אַלץ ווייטער און ווייטער. רעכט און גערעכטיגקייט, דער אידעאַל פון מענשליכער פרייהייט בעלייכט די קעמפּפער זייער וועג.

די גאַנצע וועלט ווייסט, און מיר, אידען, ווייסען עס נאָך בעסער פון אַלע, אז אויב דער פערפאָלגטער און אונטערדריקטער וואַרט און הערט א הויך פּראָטעסט־וואָרט געגען די פערפאָלגער און אונטערדריקער, קומט דאָס וואָרט דוקא נור, און כמעט אויסשליסליך, פון יענע מיליאָנען, וואָס טראָגען די פאַקעלען פון דער נייער, קומענדער קולטור.

אַט גראַד דער לעצטער פריהלינג האָט אונז געבראַכט א גלענצענדען ביישפּיעל דערצו, ווי שטאַרק עס וואַקסט דער צוטרוי צו די טרעגער פון אַט דער נייער קולטור — א קולטור אָהן מלאכים, אָהן שדים, אָהן קבלה און אָהן מיסטיק, נור פון פרינציפּיעלער גערעכטיגקייט.

די גרויסע פראַנצויזישע רעפּובליק, מיט איהרע מעכטיגע, בירגערליכע פּאַרטייען, האָ־

בען זיך פערפּלאָנטערט אין שווינדלען, שאַנטאַזש און אומריינע מעשים, וואָס זיינען אָבגעשטעמפּעלט געוואָרען מיט מענשען־בלוט. עס איז געקומען דערצו, אז מיניסטאָרען און רעגיערער פון דער רעפּובליק האָבען זיך געמוזט שטעלען צום געריכט.

דאָס הויך־קולטורעלע פראַנקרייך האָט געדאַרפט האָבען א ריכטער פאַר זיינע ה ע ר ש ע ר. א ר י כ ט ע ר, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד זאָל האָבען צוטרוי צו איהם, וואָס קיין איינציגער פון אַלע 40 מיליאָן פראַנצויזען זאָל ניט צווייפלען אין זיין עהרליכקייט, זאָל ניט האָבען צו ווייזען אויף איהם קיין שאָטען פון קיין פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל, קיין שפּרענקעלע פון קיין בערזען־ספּעקולאַציע און ניט פון קיין פּאָליטישען שאַנטאַזש.

און פראַנקרייך האָט אַזאַ ריכטער געפונען. אָבער וואו? ניט צווישען די פרומע גייסטליכע פון די פרומע קאַטאָליקען, ניט צווישען יענע היפּאָקריטען, וואָס הערען ניט אויף צו ריידען פון מאָראַל און טהוען אליין כל־הפסלנות צוליעב געלד און קאַריערע, נור צווישען די טרעגער פון יענער נייער קולטור, האָט זי געפונען דעם פּאַסענדען ריכטער פאַר די הערשער פון פראַנקרייך...

דער ריכטער איז געווען זשאָרעס!

מיינט מען ערנסט מיט אידעאַלען, מיט געזונדע מענשליכע אידעאַלען, פאַר וועלכע עס לוינט צו לעבען און עס איז כדאי צו שטאַרבען, מוז מען זיך קודם כל אראָבלאָזען פון צווישען די וואָלקענס און זיך שטעלען פעסט אויף דער ערד; מוז מען זיך בעפרייען פון דער שליטה פון יענע וואָלקען־גייסטער — מלאכים און שדים, גולמים און שמות; מוז מען זיך ארויסהארען פונ'ם שפּיענוועב, וואָס אויפ'ן שוהל־הויף, און פון דעם גערער זומפּ.

וועמען דאָס ל ע ב ע ן איז טהייער, מוז לויפען פון דאָרט.

סאול ראסקין

יואל לעוויט

דער בעוואוסטער רוסיש־אידישער מאַלער.

עס זיינען דאָ קינסטלער, וועמעס בילדער זיינען אַ תענוג פאַר דאָס אויג, פאַר דאָס פיזישע אויג. דיעזע קינסטלער האָבען נאָר אין זינען שעהנקייט, האַרמאָניע, פאַרבען אקאָרדען. אַ בלום, אן עק פון אַ טויטען האָז, אַ פּישמאַרק און א פנים פון א נביא זיינען ביי זיי זאַכען פון גלייכען ווערטה . . .

ווידער זיינען דאָ קינסטלער, וואָס שאַפען בילדער „צ ו ם ט ר ו י מ ע ן“. זיי פעהלט ניט שעהנקייט אין צייכענונג, פראַכט אין קאָלאָריט, אָבער ניט צום אויג דיענען זיי, נאָר צום האַרץ, וואָס בייענקט נאָך זיסע חלומות. אַרנאָלד בעקלין איז זייער בעסטער פאָרשטעהער. און צולעצט זיינען פאַראַן קינסטלער, וואָס שאַפען בילדער „צום טראַכטען“. ווארפט מען א בליק אויף זייער אַ בילד, זעהט מען גלייך אַז זיי ריידען דורך פאָרמען און פאַרבען נור צו אונזער אינטעלעקט. צו דיעזער קאַטעגאָריע קינסטלער בעלאַנגט יואל לעוויט, וועלכען מיר האָבען איצט אלס גאַסט צווישען אונז דאָ אין ניו־יאָרק.

נון, אין די רייהען פון דיזע „גדאַנקליכע“ קינסטלער זיינען ליידער פיעלע, זעהר פיעלע, געשטרויכעלט געוואָרען. מיר הערען אָפט, ווי מען זאָגט וועגען אַ קינסטלער גאַנץ פערעכטליך: „אַ נ ע ק ד אָ ט י ש ע ר מ אַ ה ל ע ר“, „פּעדאַגאָגישע קונסט“, „קונסט פאַר שוהל־לעהרער“, „טענדענציעזע“, אָדער „ליטעראַרישע אַרבייט“! דיעזע טאַדעל־ווערטער ווערען אָפט געברויכט מיט רעכט. קינסטלער כאַפּען שוין אריבער די מאָס פון גדאַנקליכקייט, די פאָרמען, דאָס ריין מאהלערישע, ווערט צודריקט און פארקריפּעלט. דער גייסטיגער עלעמענט פערשלינגט דאָס קערפּערליכע, די גדאַנקען הערען אויף צו זיין עסטהעטיש אויסגעדריקטע גדאַנקען, פאַרשאַפען מעהר קיין פערגעניגען. דאָס הערט שוין אויף צו זיין קונסט. מאַנכע פון דיעזע אינטעלעקטועלע קינסטלער זוכען שוין צו שטאַרק די גדאַנקען, ווערען ע ק ס צ ע נ ט ר י ש. אַזוי, צום ביישפּיעל, איז דער פאַל מיט דעם אונגעוועהנליך בעגאַבטען בעלגיער וויערץ: ביי זיין גאַנצער קראַפט און הויכער פאַנטאַזיע, שאַפט ער נור קוריאָזיטעטען, אָבער קיין וואַהרע קונסט־ווערטהען.

וואָס זשע איז די מאָס פון געדאַנקליכ־קייט ? וואָס פאַר געדאַנקען קענען אַריינגע־בראַכט ווערען אין קונסט, אַז זיי זאָלען ניט ווירקען פאַרדערבליך, נאָר פאַרקעהרט, דער־הויבען דאָס ווערק צו דער העכסטער מדרגה ?

די אידעען מוזען ערשטענס זיין ברייטע, [illegible]. קליינע געדאַנקען מוזען פאַרטיעפט ווערען, געמאַכט ווערען בעדייטענד, עס דאַרף זיך אימער אין זיי פיהלען דאָס אייביג־מענשליכע . . . צווייטענס, דאַרפען די געדאַנקען ניט זיין אָפּגעשטעמפּעלט צו שאַרף און צו קלאָהר. זיי דאַרפען ניט ד[illegible] ווערען ביז צום לעצטען וואָרט. עס מ[illegible] בלייבען עטוואָס אונבעשטימטעס, וואָס רעגט אויף די פאַנטאַזיע פון דעם צושויער, וואָס צווינגט איהם נ אָ כ צ ו ש א פ ע ן, צוצוטראַכטען און נאָכצודענקען. די אונטער־שריפט אונטער אַ בילד איז פון קליינער בע־דייטונג, ס'איז נישט מעהר ווי אַ ווייטער צייך־בענדעל, נאָך וועלכען זיך צו ריכטען . . . און אָפט מאָל וואָלט גלייכער געווען, עס זאָל גאָר קיין אונטערשריפט ניט זיין. נאָר אַזעל־כע געדאַנקען, וועלכע „ד אָ ס ה א ר ץ ה אָ ט מ י ט ג ע ב ר אַ כ ט“, געדאַנקען, וועלכע די פאַרשטעלונגס־קראַפט האָט מיט אַ פּולבלוטי־גען קערפּער אָנגעטהאָן, זיינען יענע עלעמענ־טען, וואָס מאַכען די קונסט נאָבעל.

געדאַנקען פון דיעזען סאָרט געפינען מיר אויף די בילדער פון אונזער גאַסט יואל לעוויט. און בעזאָנדערס אויף זיין מייסטערווערק, וואָס איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „ביים פענסטער“.

* * *

ווי אַזוי דיזעס בילד איז געשאַפען גע־וואָרען, האָט דער קינסטלער דערצעהלט דעם שרייבער פון דיעזע שורות ; ס'איז ווערטה איבערצודערצעהלען, ווייל די געשיכטע איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדען קינסטלער, וואָס לעבט דורך די שמערצען און דאָס גליק פון שאַפען.

דאָס איז געווען 7־8 יאָהר צוריק, ווען אונזער קינסטלער איז געקומען צו פאָהרען פון פעטערבורג צו זיינע עלטערען, וואָס האָבען געוואוינט אין קיעווער גובערניע אין אַ קליין שטעדטעל אומאַן. ער איז געקומען געזעגענען זיך מיט זיי בעפאָר זייער אָבפאָהרען קיין אַמעריקא: דער געפיהל, אַז די אַלטע פאָטער און מוטער לאָזען זיך אין אַ ווייטען וועג, און ווער ווייס צי וועט ער זיי נאָך אַ מאָל זעהען, דאָס בילד פון דעם קליינען אָרעמען שטעדטעל, מיט דעם אָרעמען גרויען אידישען לעבען דאָרט, האָט אָנגעפילט מיט וועהמוט זיין האַרץ. ער האָט דערפיהלט אין זיך אַ דראַנג עפּעס צו זאָ־גען, מיט עפּעס צו טרייסטען, מיט עפּעס צו פאַרענטפערען. עס זיינען ניט געווען קיין בע־שטימטע געדאַנקען ביי איהם, נאָר אַ שטי־מונג, אַ דראַנג, וועלכער ווי יעדער אמת'ער קינסטלער ווייס, איז דער צייכען פון דעם, אַז אין זיין גייסט, ווי אין אַ מוטער'ס לייב, הייבט זיך אָן אַ לעבען צו וועבען . . . עס האָ־בען זיך אָנגעפאַנגען די ליידען פון שאַפען.

עח האָט אָנגעהויבען זוכען, ער איז אין געדאַנ־קען דורכגעגאַנגען די גאַנצע געשיכטע פון אי־דישען פאָלק, די אינקוויזיציעס, די פּאָגראָמען, די בלוט־בלבולים . . . זיין שטילע, בעשיידע־נע נאַטור האָט אָבער ניט געקענט זיך אָבשטע־לען אויף אַ געוואַלדיגען, רעש'דיגען מאָמענט, ער האָט ניט געקענט ביי זיך פועל'ען אַרויסצו־[illegible] אַ פּאָעטישען וועה־געשריי, אַ וויינענ־דיגען צ[illegible] אין ערבאַרמען . . .

יואל לעוויט אין זיין סטודיאָ.

ער האָט געזוכט אַנדערע סטרונעס . . . זיין צימער איז פול געווען אָנגעוואָרפען מיט סקי־צען . . . פיגורען פלעגען ווי גייסטער ערשיינען אויף זיין לייוואַנד און אוועקגעווישט ווערען... ער האָט ניט געגעסען, ניט גערוהט . . . די אַלטע פאָטער און מוטער האָבען באַזאָרגט גע־קוקט אויף זייער זוהן און געזיפצט שטילער־הייט. ענדליך האָט ער געפונען. עס האָט איהם אַ ליכט געטהאָן פאַר די אויגען . . . ער האָט אויפגעלעבט. ער האָט אַנידערגעלעגט דעם צייכען־קוויל און איז אַריין אין צימער צו די עלטערען. די מוטער האָט דערזעהן איהר

זוהנ'ס שמייכעלדיגען פּנים, האָט זי זיך דער־פרעהט: „וואָס, יואל, ביזט עפּעס ניט געזונד געוועזן די טעג? האָסט ניט גערעדט, ניט גע־געסען, וואָס איז מיט דיר געוועזן“? דער גו־טער פרוי איז גאָר ניט איינגעפאלען אַז איהר זוהן האָט דורכגעמאַכט יענע שווערע מאָמענ־טען פון שאַפונגס־ליידען.

דאָס בילד איז דערנאָך פארטיג געוואָרען אין 4—3 וואָכען און איז דאָס בעסטע וואָס ער האָט ביז יעצט אַרויסגעגעבען. פאר דיעזען בילד האָט ער געקראָגען דעם טיטול „פרייער קינסטלער“ פון דער פּעטערבורגער אקאדעמיע. איבער דיעזען בילד האָט די גאנצע רוסישע פּרעסע מיט לויב זיך אָבגערופען, עס זיינען שטעהט אַ גלאָז טעע. רוהע און פריעדען הערשט אַרום איהם, רוהע און פריעדען אין איהם. עס איז אַ גאַנצעס לעבען, אַן אָבגעשלאָ־סענע וועלט. גאָר נישט מאַטערט זיין געוויס־סען, גאָר נישט צורייסט זיין געמיטה. נעבען איהם אויפ'ן סאַמע פענסטער זיצט אַ יונגע מיידעל, אפשר זיין טאָכטער, אפשר זיין איי־ניקעל. זי זיצט פארטראַכט און קוקט פאָרויס אין גאַס אריין. זי קוקט אַרויס בענקענד, זי וואַרט אויף עפּעס, זי האָפט, עס ציהט זי אין די גרויסע שטורמרייכע וועלט. אָבער וואָס זעהט זי פאַר זיך? אַרעמעס לעבען, אַן אַרע־מע קרומע געסעל . . . אַזוי לעבען זיך צוויי וועלטען איינע נעבען די אַנדערע. איינע, אַ

„ביים פענסטער“

נעווען ענטוזיאַסטישע פּובליציסטען, וואָס האָ־בען גערעדט וועגען אַ נייע פערהעלטנים צום אידישען פאָלק וואָס קען בייגעבראַכט ווערען דורך דאָס בילד.

נון, וואָס איז דער געדאַנק פון דיעזען ווערק? דאָס בילד הייסט „ביים פענסטער“.

אַן אַלטער גרייז־גראָהער איד, אַן עהר־ווירדיגער פּאַטריאַרך, זיצט נאַהענט ביים פענ־סטער, האַלב אין שאָטען, האַלב אין ליכט. ער איז פארטיעפט אין אַן אַלטען ספר. אויף אַ לומדיש־כאַראַקטעריסטישען אופן ליגט זיין האַנד אויף די אָפענע בלעטער. נעבען איהם שטילע און אין זיך פארענדיגטע, די אנדערע אַ בענקענדע, נאָך שטורם, הייסען גליק און טהאַטען, דורשטענדעס יונגעס בלוט. אַ בילד פון גאַנצען מענשליכען געשלעכט פון איי־ביזע יאָהרען אָבגעשפּיגעלט אין דעם אַלטען גרייז־גראָהען איד און דאָס יונג אידיש מיי־דעל. דיזע ווערטער, וועלכע דער שרייבער האָט שוין ביי אַן אַנדער געלעגענהייט אַרויסגעזאָגט וועגען לעוויט'ס בילד, ווידערהאָלען מיר ניט דערפאַר ווייל מיר דענקען, אַז דאָס איז דער איינציגער אמת'ער מיין פון דיעזען בילד... ניין, דאָס איז נאָר אונזער פערזענליכעס נאַכ־

טראכטען . . . דאָס בילד גיט יעדען צושויער אן אימפּולס פאַר אייגענעם נאָכדענקען. אָט דאָס איז טאַקע איינער פון יענע געדאַנקען וואָס ניט נור זיי פערדארבען ניט דעם בילד'ס קערפער, נור פארעדעלען איהם און גיבען די העכסטע פרייד וואָס קונסט קען געבען.

דאָס זיעבע איז אין בילד, וואָס הייסט „הערבסט". די לאנדשאַפט איז גרוי און נאַס. בליי שווער העננט דער שמאָלער הימעל, און בליי שווער איז דאָס ביסעל וואסער. שווארץ קוקט ארויס פון דער ווייטען דאָס וועלדעל. אין פאָרדערגרונד, אויף אַ באַנק, אין דעם ווייסטען גארטען זיצט אַ פרויען־געשטאַלט. נעבען איהר קניעט אַ יונגער מאַן, בעהאַלטענדיג זיין פנים אין איהר שויס. ער וויינט, די טרערען זיינען אפשר האַלב געמאַכט. ער ליעבט שוין ניט, די בלעטער פון זיין ליעבע זיינען פערדארט און אָבגעפאַלען. ער קען שוין לענגער ניט בעהאַלטען זיין אָבגעקיהלט האַרץ. ער האָט איהר ענדליך געזאָגט דאָס וואָס זי האָט שוין אַליין מיט שמערץ געשפּירט. ס'איז אפשר יעצט דאָס לעצטע מאָל וואָס זיי טרעפען זיך אויף דעם דאָזיגען אָרט אין גאָרטען, וואו זיי האָבען אזוי פיעל גליק גענאָסען. אָט אויף דיעזער [illegible] זיינען זיי ביידע געגאַנגען, דאָ זיך אָבגעשטעלט, דאָ האָט זי זיך צו איהם ליעבעפול צוגעדריקט, דאָ האָבען זיי דעם נאַכטיגאַל געהערט זינגען . . . עס איז אבער פאריבער . . . אָבגעשטאָרבען איז די נאַטור, אָבגעשטאָרבען איז אויך זייער גליק. הערבסט דאָ און דאָרט. פאַר איהם וועט נאָך דער פריהלינג ווידער קומען מיט אַלע בלומען, פאַר איהר אָבער ניט מעהר. זי ליעבט איהם נאָך מיט אַלע כוחות פון איהר אויסגעמאַטערט האַרץ, זי איז געבאָרען איינזאַם און ווער ווייס צו דיעזער הערבסט איז ניט דער לעצטער אין איהר לעבען . . .

וויפיעל שמערצליכע געדאַנקען וועגען דאָס ארעמע מענשליכע האַרץ רופט ארויס דיעזעם בילד!

געדאַנקליכער נאָך איז זיין דריטעס בילד „די לעצטע רופען".

עס זיצט אַ מאַן, אַ פערקערפּערונג פון דעם אַלוועלטליכען אינטעליגענט. ער זיצט אין אַ פּאָזע פון שווערען קומער, די הענד מיט די פינגער זיינען צונויפגעדריקט. צו זיינע פיס ליגט אַ פרויען־פיגור. איהר נאַקעטער קערפער איז ענטוויקעלט און רייף. ער קוקט אויף איהר ניט. זי איז זיין אבגעלעבטער אידעאַל, אפשר אַן ארבייט וואָס האָט איהם ניט

„הערבסט"



„די לעצטע רופען"

צופריעדענגעשטעלט. ער איז געדריקט פון אי־
נערען וועה, אָבער ניט אין גאנצען פערצווויי־
פעלט . . . עס געפינען זיך נאָך שאפונגס־קרעפ־
טען אין זיין ברוסט . . . ער הערט זיך צו, עס
רופט איהם אַ יונג פרויען וועזען . . . גאַר יונג
און פריש... זי רופט איהם ווייטער, ער־
מוטהיגט איהם . . .אפשר צום לעצטען מאָל . .
אָבער זי רופט... דאָך, זי רופט...

דיעזעס בילד איז שוין אַ ביסעלע צו לי־
טעראַריש און קינסטלעריש אויך ניט טאַדעל־
לאָז. דער געדאנק איז שוין אַ צו בעשטימטער
און שאַדט דעם גוף. צו „ליטעראַריש" איז עס
ווי עס זיינען נאָך מאַנכע פון זיינע בילדער
למשל, „רוסלאַנד" . . . דאָך איין זאך מאַכט
אונז זיכער גלויבען, אַז לעוויט'ס קונסט שטעהט
ניט אין געפאהר דורך זיין געדאנקליכקייט.
דאָס איז זיין שטאַרקער חוש פאַר שעהנקייט,
פאַר דאָס ריין מאַלערישע, פאַר פאָרם, ליניע,
טאָן און פאַרב. ער איז וואונדערבאַר עמ־
פפינדליך צו יעדען שעהנעם בליק און עפעקט.
עס איז אַ ריינער גענוס מיט לעוויט צו געהן
איבער דער גאַס. יעדע ווילע שטעלען זיך
זיינע אויגען אָב פול מיט צערטליכע ליעבע, דאַ
אויף אַ מענשליכע געשטאַלט, דאַ אויף אַ הויכען
וואָלקענקראַצער, ווי ער רייסט זיך אריין
מיט אַ זאַמדיג־געלען פיערעק אין בלויען הימעל
אריין . . . אָט פאנגט זיין אויג אַן אייגענטימ־
ליך געבויגענער בראנזענער ארנאַמענט פון אַ
פאַרענץ... טויזענד ענטציקונגען! אומעטום
שעהנקייט ! און וויפיעל אייגענאַרטיגע שעהנ־
קייט די גאַסען פון דער איסט־סייד פאַר־
מאָגען מיט די אַלטע אידען און פאַרהאַוועטע
אידענעס ! אַ וועלט מיט כאַראַקטעריסטישע
בילדער! אָט זיצט אַן אַלטער איד אויף דער
טרעפּ פון אַ קעלער, איינגעבויגען איבער אַ ציי־
טונג. דאָס ליכט פאַלט פון אויבען, בעלויכט
אַ שטיק יאַרמולקע, אַ טייל פון זיין גרויסען
קאָפּ און באָרד און אַקסעל און אַ טייל רוקען...
אַ בילד, אַ פאַרענדיגט בילד פון בראנז געגאָ־
סען . . . אַ וועלט מיט שעהנקייט ! דיעזע
לעבעדיגער חוש פאַר דאָס שעהנע, דיעזעס אויג
וואָס געפינט פערלען דאָרט, וואו אַנדערע זעהן
נור מיסט, וועט לעוויט'ס קונסט ראַטעווען פון
טרוקענער געדאַנקליכקייט.

וועט זיך נאָר ארויסווייזען פאַר איהם אַ
מעגליכקייט צו בלייבען דאָ, וועט ער אונז ווי־

„צוויי שוועסטער" (פּאָרטרעט)

זען די אידישע גאס און דאָס אידישע לעבען, אונזער איסט־סייד, ווי מיר האָבען זי נאָך קיין מאָל ניט געזעהן. ער וועט אונז די איסט סייד ניי, אַלס א מתנה אונטערטראָגען, און מיר וועלען ערשטוינט אויסרופען „ווי שעהן זי איז! ווארום האָבען מיר דאָס פריהער ניט בעמערקט! ?“ ער וועט אונז פיעלעס דערצעהלען, דען ער איז וואונדערבאַר אַרבייטזאם... זיין האַנד איז זיכער, דער שוואונג איז גרויס און רעדען רעדט ער אַ שפּראַך אַ קלאהרע, אַ פערשטענדליכע. ער איז רעאַליסט, קאָפּיערט ניט בלינד די נאַטור, פאָלגט אָבער געטריי איהרע עצות. ער איז אויך ניט פון די אנאַליזירענדע רעאַליסטען, וואָס זוכען איינצעלהייטען און אין זיי נאָך קלענערע איינצעלהייטען, ער איז פארקעהרט פון יענע רעאַליסטען, וואָס ליעבען צו פעראַלגעמיינען, וואָס ליעבען פאַרבען אנשטאט ניואַנסען, וואָס זוכען א סינטעז פון איינצעלנע צואוואָרפענע פאַקטען. ער איז פון יענע, וואָס גיבען א ברייטען קוק אויף גאָט'ס וועלט, בעזייטיגען צופעליגע אונפאָלקאָמענהייטען און גיבען בילדער פון שעהנערע אמת'ען.

מיר דארפען אזא קינסטלער אין אונזער מיטע — אין אונזער ארעמער אידישער גאַס...

„זיך פערטראַכט“

דר. נ. סירקין

דאס אידישע פאלקס־ליעד

אין דעם פיעלשטימיגען נאַציאָנאַלען כאָר, וועלכער פילט יעצט אָן די אידישע גאַס, האָט אויך אָנגעהויבען צו קלינגען דאָס אידישע פאָלקס־ליעד מיט דעם אידישען פאָלקסמאָטיוו. מען האָט זיך געמיהט צונויפצוברינגען דאָס צוזייטע און צושפּרייטע מאַטעריאַל פון אַלערליי ליעדלאַך, עס אַריינגעטהאָן אין דעם שפּייכלער פון דער אידישער ליטעראַטור און מען האָט עס שוין בעצייכענט מיט דעם שטאָלצען נאָמען פאָלקס־ליעדער. אויך דער מאָטיוו איז ארויס פון זיין אונבעוואוסטזיניגער פערבאָרגענהייט און האָט זיך פעראייניגט מיט דעם ליעד. אין דער לעצטער צייט האָט דאָס פאָלקס־ליעד געפונען אויך אַ קינסטלערישען זינגער אין דער פערזאָן פון דעם אָפּערן־זינגער העררן מ ע ד וו ע ד י ע וו, וועלכער מאַכט דאָס ליעד פּאָפּולער און געניעסבאר פאר דעם גרויסען עולם. געוויס טראָגט אריין דער טאַלענטפולער זינגער פיעל ענטוזיאַזם און קינסטלערישען געשמאַק אין די אידישע פאָלקס־ליעדער, וועלכע ער זינגט און דערהויבט דורך זיין זינגען. דאָרט וואו דאָס פאָלקס־ליעד איז ווירקליך אַ אבשפּיעגעלונג און סימבאָלישע פארטייטשונג פון דער פאָלקס־נשמה, ווי, למשל, אין דעם צו־גאָט־שרייענדען פילאָזאָפיש־טראַגישען שטום־לשון־ליעד: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא“, שטייגט דער זינגער צו קינסטלערישער גרויסקייט צוזאמען מיט דעם מאטיוו, וועלכעס ראנגעלט זיך און מיהט זיך צו עפּענען דורך די הערבארע וועלט פון טענער די פערשלאָסענע וועלט פון אידעען.

אָבער דאָ וועלען מיר שטעלען די פראַגע:
וואָס איז דאָס אמת'ע אידישע פאָלקס־ליעד?
וועלכע איז די ריכטיגע פאָלקס־מעלאָדיע?
און וואָס איז דער קולטור־ווערט פון דעם פאָלקס־ליעד?

דער ענטפער אויף דיזער פראַגע שטעהט אין ענגען צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנדערער פראַגע: ווער איז דער בעשאַפער פון דעם

פאָלקס־ליעד? אז דאָס אנאָנימע, אונבעשטימ־
טע פאָלק קען ניט זיין קיין קאָלעקטיווער בע־
שאַפער פון וועלכען עס איז קולטור־אינהאַלט,
און נאָך ווענינער פון א ליעד, איז קלאָר. „דאָס
פאָלק האָט עס בעשאַפען" — איז ניט מעהר ווי
מליצה, וועלכע פערדעקט זעהר אָפט די שווע־
ריגקייט צו ערקלערען דעם ריכטיגען מקור פון
וועלכען עס איז קולטור־אינהאַלט. בעצם בע־
שאַפט דאָס פאָלק אַלס קאָלעקטיוו גאָרנישט,
און שטענדיג זיינען דאָס נור איינצעלנע, גאָט־
בעגנאַדעטע יחידים, וועלכע זיינען די שעפפער.
דאָס פאָלק נעהמט נור אויף די אמת גניאַלע
שעפפונגען פון דעם יחיד, לויטערט עס און ריי־
ניגט עס, אויך נאַטירליך דורך די הילף פון הויך־
בעגאַבטע איינצעלנע פערזאָנען, און דאָס פער־
אייביגט עס אַלס פאָלקס־שעפפונג, אַלס פאָלקס־
ליעדער, אַלס פאָלקסס־פּאָעזיע. אַפילו אין דער
שפראַך, וועלכע איז מעהר ווי אַלע אַנדערע
קולטור־אינהאַלטען די שעפפונג פון דעם פאָלקס־
קאָלעקטיוו, איז סוף כל סוף דער ערשטער בע־
שאַפער און אויפטהוער פון יעדען וואָרט, יעדער
פאָרם, יעדער שאַטירונג — דער טאַלענטפולער
יחיד, וועלכער פערשווינדט אָבער און ווערט
דערטרונקען אין דער קאָלעקטיווער מאַסע, נאָכ־
דעם ווי זי האָט די נייע שפראַך־שעפפונג אויפ־
גענומען. דער יחיד איז דער שעפפער, און
דאָס פאָלק איז דער אויפנעהמער און דערמיט
דער שופט, דער ריכטער פון דער שעפפונג.
וואָס עס איז אין איינקלאַנג מיט זיין אינווענ־
דיגען גייסט, וואָס עס דריקט אויס זיין נשמה,
זיין אידעאַל, זיין קאַמפף, זיין פראַטעסט, זיין
ליעבע, זיין כעס און זיין אייביגע האָפנונג, דאָס
נעהמט דאָס פאָלק אויף אַלס זיינס, גיעט איהם
זיין אייגענע פערפאַסערשאַפט, און הייליגט
אָפט מאָל דעם נאָמען פון דעם בעשאַפער דורך
מיסטישע בעצייכנונגען אָדער דורך די פערבינ־
דונג מיט די העראָיען פון פאָלק.

אויף אַזאַ אופן איז פון פערשיעדענע עפּי־
שע דיכטונגען פון פערשיעדענע צייטען און
ערטער אין אַמאָליגען גריכענלאַנד, וועלכע האָ־
בען אַלע נאַטירליך געהאַט זייער מקור אין
דעם יחיד, ענטשטאַנען דער גרויסער גריכי־
שער נאַציאָנאַלער עפּאָס פון דער העראָישער
צייט, די איליאַדע און די אָדיסעיע. אויך
דיעזער נאַציאָנאַלער עפּאָס איז פערבונדען מיט
דעם נאָמען פון דעם בלינדען דיכטער האָמער,
אָבער דער פאָלקס־גייסט האָט זיך דאָ צו־
נויפגעגאָסען מיט דעם דיכטער־גייסט, אַזוי
דאָס דער נאָמען פון דעם דיכטער איז געוואָ־
רען א האַלב־מיסטישער און לעגענדאַרער.

אין דעם אַמאָליגען יודענטום זיינען די
מאָראַליש־העראָישע פּאָעטישע געשיכטען פון
די אבות געווים בעשאַפען געוואָרען פון איינ־
צעלנע דיכטער—נביאים, וועלכע האָבען אין
דער אַלטער מיטאָלאָגיע גענומען דעם שטאָף
צו זייער דיכטונג. די נביאים האָבען אָבער
בעשאַפען דיעזע געשטאַלטען פון די אבות אין
איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון יענער איבער־
גאַנגס־צייט פון דעם וואַנדערלעבען צום אַקער־
בוי־לעבען. אין יענע פּאָעטיש־מאָראַלישע גע־
שטאַלטען פון די אבות, וועלכע דיענען דעם
גאָט פון גערעכטיגקייט, וועלכע פיהרען די
וועלט אויף דעם וועג פון אמת, היטען אָב די
ריינקייט פון דעם הייליגען שטאַם געגען די
אַרומיגע וועלט פון געצענדיענעריי און גע־
וואַלטטעטיגקייט, אין יענע מאָראַלישע גע־
שטאַלטען האָט דאָס אונטערדריקטע אָרעמע
פאָלק געזעהען די אידעאַלע מענשען, די פיה־
רער, פאַטריאַרכען, וועלכע טהוען אין דער
וועלט נאָר צדקה און משפט. דאָס פאָלק האָט
דערפאַר יענע פּאָעטיש־מאָראַלישע געשיכטען
אויפגענומען אַלס זיין הייליגען אייגענטום,
אַלס די פערקערפערונג פון זיינע מאָראַל־רע־
ליגיעזע און סאָציאַלע אידעאַלען. און ווייל
דיעזע פּאָעטישע ערצעהלונגען זיינען אַזוי טיעף
געוועזן צוזאַמענגעגאָסען מיט דער פאָלקס־נשמה
און דעם פאָלקס־אידעאַל, זיינען זיי געוואָרען
פאָלקס־דיכטונגען, וואָס זייער פערפאַסער און
ווייטערדיגער פאַראיידעלער און פאָרשעהנע־
רער איז געוואָרען דאָס פאָלק זעלבסט, וועל־
כעס האָט שפּעטער אויסגעטראַכט א לעגענדאַר־
הייליגע פערזאָן אַלס געטליכען פערפאַסער.

דאָס גערמאַנישע פאָלק האָט בעשאַפען
דאָס ניבעלונגען־ליעד, און בעזונגען די געטער
פון דעם הימעל, פון דעם אַמאָליג־גערמאַני־
שען וואַלהאַלאַ, די געטער מיט זייערע מענש־
ליכע אייגענשאַפטען, ליידען, פריידען, טו־
גענדען און שוואַכקייטען. די קעמפפען, נוי־
טען, אידעאַלען, אמת'ען, האָפנונגען פון די
אַמאָליגע גערמאַנען בעזינגט דאָס ניבעלונגען־
ליעד, וועלכעס מאַכט פון די מענשען און זייע־
רע לעבענס־אידעען סימוואָלען, העכערע גע־
שטאַלטען, געטליכע בעוואָהנער פון וואַלהאַ־
לאַ. דאָס ניבעלונגען־ליעד איז די פרוכט פון
אַ יחיד, פון פּאָעטען־יחידים, אָבער דער געניוס
פון דעם דיכטער האָט געשעפּפט זיין דיכטונג
פון דעם פאָלקס קוואַל, פון דער פאָלקס־נשמה,
איז פון איהר געקומען און האָט זיך געשטעלט
דיכטעריש איבער איהר; דאָס פאָלק האָט
אויפגענומען דאָס ניבעלונגען־ליעד אַלס זיין
גרויסעס פאָלקס־ליעד, האָט עס דערהויבען צו
זיין נאַציאָנאַלער פּאָעזיע. און בשעת דער
גרויסער פּאָעט און מוזיקער פון דייטשלאַנד,
ר י כ אַ ר ד ו ו אַ ג נ ע ר האָט פון דיעזעם
גרויסען פאָלקס־ליעד בעשאַפען זיין געוואַלטיגע
מוזיקאַלישע דראַמע: דער רינג פון די ני־
בעלונגען, האָט דאָס פאָלקס־ליעד ווידער אויפ־
געלעבט בעוואוסטזיניג אין דער מאָדערנער
דייטשער קולטור, און זיינע העלדען און גע־
שטאַלטען, זיינען געשעהעניסען און סימוואָ־

לען, זיינען געבראַכט געוואָרען נאָהענט און אין ענגסטע בעריהרונג מיט דער מאָדערנער צייט.

דאָס אידישע פאָלקס־ליעד איז זעהר אַ מערקווירדיגע און קאָמפּליצירטע קולטור־שעפּפונג. זי איז פיעלפאַרביג, פיעלגעשטאַלטיג, פליעסענד, אַזוי ווי דעם איד'ס היסטאָריש לעבען. די ליעדער פון דער תורה, די פּאָעטיש־מאָראַלישע מעשות, דער אַז־ישיר, דאָס ליעד פון דבורה, די מעשות פון די אבות, פון מכירת יוסף, זיינען פאָלקס ליעדער, פאָלקס־פּאָעזיע, ווייל די פאָלקס־נשמה האָט אין זיי אבגעקלונגען און אויף זיי זיך אָבגערופען, און דאָס פאָלק איז דורך זיי דערהויבען געוואָרען. די שכינה פון רעליגיאָן האָט אויסגעשפּרייט איבער זיי איהרע פליגלען און האָט זיי געמאַכט געטליך און הייליג, אַזוי דאָס די פאָלקס־פאַנטאַזיע, דורך די הילף פון יחידים, פערשטעהט זיך, האָט אין די שפּעטערדיגע דורות געקענט יענע פאָלקס־פּאָעזיע פאראיינס בעקליידען מיט נייע בילדער און אויסציערען מיט אַלץ נייע פּאָעטישע פאָרמען און מאָראַלישע, רעליגיעזע, פילאָזאָפישע געדאַנקען. שיר השירים איז אַן ערהאַבענעס פאָלקס־ליעד, וואו די נאַטור, די שעהנהייט און די ליעבע ווערען בעזונגען מיט דער העכסטער ליידענשאַפט און מיט די שעהנסטע בילדער. דאָס איז געווען אמאָל אַ פאָלקס־ליעד פון ליעבע.

אין דער עפּאָכע נאָך דעם חורבן, אין דער גלות־צייט, האָבען זיך געעפענט נאָך אַנדערע קוואַלען פאר די פאָלקס־שעפּפונג. פון דער אַרומיגער וועלט האָט זיך אריינגעריסען אַ שטראָם פון קולטור און גייסט, וועלכער האָט געווירקט אויך אויף די אידישע גייסטיגע שעפּפונג. פון דער אראבישער, שפּאַנישער, דייטשער וועלט זיינען אריינגעדרונגען פאָלקס־ליעדער, מאָטיווען, פּאָעטישע געשיכטען, וועלכע זיינען אין גהעטאָ פאַרוועבט געוואָרען אויך מיט דעם אידישען גייסט. ביי די שפּאַנישע אידען, אין דער טערקיי, האָבען זיך דערהאַלטען עד היום פערשיעדענע פאָלקס־ליעדער אין שפּאַניש, ליעדער פון ליעבע, פון ריטטער, פון קעניגען, פון מאָראַלישע אמת'ען. אויך פון דער דייטשער קולטור זיינען אין מיטעלאַלטער אריינגעדרונגען אין דאָס אידישע גהעטאָ פאָלקס־ליעדער און מאָטיווען אין דייטשער שפּראַך, וועלכע האָבען אַנגענומען צווישען אידען די אידישע פאַרב. אפילו מעלאָדיען זיינען אריינגעדרונגען פון דער מיטעלאַלטערליכער גוי'שער וועלט אין דאָס אידישע לעבען און זיינען אויפגענומען געוואָרען אין שול. מען ווייס, למשל, דאָס דער ליאַרעמדיגער אויסרוף־ניגון פון אתה־הראית צו שמחת תורה איז אַ קריסטליכע רעציטאַציאָן. ווען מען זיצט ביי וואַגנער'ס אָפּערא „די מייסטערזינגער פון נירנבערג", און מ'דרעהט דעם אויסרוף־ניגון פון דעם נאַכט־שומר: „הערעט, לייטע, און לאָסט אייך זאָגען, די אוהר האָט צוועלף געשלאָגען", כאַפּט מען זיך ערשט פון וואַנען דער מקור פון דעם ניגון פון אתה הראית שטאַמט.

יענע אַלע פאָלקס־ליעדער זיינען פערשוואונדען פון בעוואוסטזיין און האָבען ניט געקענט זיך דערהויבען צו פּאָעטישע אייביגקייט. פּאָעטישע אייביגקייט האָבען בעקומען ווענינע סינאַגאָגאַלע ליעדער, וועלכע זיינען נאָך זייער מקור אויך פאָלקס־ליעדער, אָבער פאָלקס־ליעדער פון דעם העכסטען שטייגער. זיי זיינען געהייליגט געוואָרען פון דער רעליגיאָן און פון דעם גאַנצען פּאָעטיש־רעליגיעזען לעבען. אַזאַ רעליגיעזעס פאָלקס־ליעד איז, למשל, לכה דודי פון קבלת שבת. דאָרט האָט געפונען אַ פּאָעטישען אויסדרוק די אידישע נאַציאָנאַלע נויט און פיין, די משיח־האָפנונג, די שעהנקייט פון דעם שבת־טאָג, און איבער אַלעם שוועבט דער ליעבעס־צויבער פון דעם חתן מיט דער כלה.

ערשט אין די נייע צייטען הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען און צו וואַקסען דאָס מאָדערנע אידישע פאָלקס־ליעד, וועלכעס מיר האָבען דאָ אין אויג ביי אונזערער בעטראַכטונגען. דאָס אידישע לעבען ווערט וועלטליך און די פאָלקס־מאַסען ערוואַכען צו גייסטיגען לעבען. אין דיזער גייסטיג־קולטורעלער ערוואַכונג פון דער פאָלקס־מאַסע ענטשטעהען די פערשיעדענסטע דיכטונגען און ליעדער אין דער אידישער פאָלקס־שפּראַך, כאַראַקטעריסטישע אויסגיסונגען פון דעם פאָלקס־לעבען. דיעזע דיכטונגען און ליעדער זיינען פערשיעדען אין זייער אינהאַלט, אין זייער מאָטיווו און זייער כאַראַקטער. ליעדער פון ליעבע און ליעבעס־שמערץ, פון פרעהליכקייט, פון דער אידישער נויט, פון די קאַנטאָניסטען, פון אידישע סאָלדאַטען, פון עמיגראַציאָן אין אַמעריקאַ, ליעדער געגען היינטיגע צייטען, געגען די באַהנען, די היינטיגע פראַנטען, די שאַרלאַטאַנעס א. ז. וו. — אַט דיזע אַלע ליעדער מיט זייערע פערשיעדענע וואַריאַציאָנען, זיינען מיט איינינע יאָהרען צוריק געזאַמעלט געוואָרען פון גינזבורג און מאַרעק און זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אַלס פאָלקס־ליעדער. צו פיעלע פון דיזע ליעדער זיינען צוגעפּאַסט געוואָרען מעלאָדיען, וועלכע זיינען אָנגערופען געוואָרען פאָלקס־מעלאָדיען.

דיזע פאָלקס־ליעדער זיינען אָבער זעהר ווייט דערפון צו זיין פאָלקס־ליעדער, אין דעם העכערען זין פון פאָלקס־ליעד. ווען זיי זיינען אָנגערופען געוואָרען פאָלקס־ליעדער, איז דאָס נור דערפאַר, ווייל עס פעהלט ביי זיי דער נאָמען און די עראינערונג אָן דעם פערפאַסער. ווייל די ליעדער האָבען ניט קיין פערפאַסער, און ווייל זיי האָבען זיך ניט געפונען אין דער

גערדוקטער בוך־פֿאָרם, איז על פּי טעות געפֿאַלען אויף זיי דאָס גרויסע וואָרט פֿאָלקס־ליעדער.

די דיכטונג שטעהט על פּי רוב נאָך אונטער דעם ווערטה פֿון דער געשריעבענער ליטעראַטור. עס זיינען דאָס געוועהנליך דיכטערישע פּרובונגען פֿון פֿאָלקס־מענשען, וועלכע האָבען די מדרגה פֿון ליטעראַטור ניט דערגרייכט. זיי זיינען מעהרסטענס געבליעבען אין א בעשטימטען קרייז פֿון פֿאָלק. דער גרעסטער טהייל פֿון דיזע פֿאָלקס־ליעדער זיינען לאָקאַלע, ערטליכע, לויט נאָך דעם קולטור־צושטאַנד פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע און די גייסטיגע טראַדיציאָנען. קאָוונע, קורלאַנד, ווילנא, מינסק, די ליטא — האָבען פֿערשיעדענע ליעדער צווישען זיך, וועלכע זיינען ווידער אַנדערש איידער די ליעדער פֿון וואַרשוי, פֿון פּוילען, פֿון פּאָדאָליער גובערניע, פֿון וואָלין. איז אָבער צוגעקומען א מעלאָדיע צו דער דיכטונג, א מעלאָדיע פֿון א בדחן, פֿון שול, אָדער דאָס ליעד האָט זיך אויסגעגאָסען אין איינע פֿון די מעלאָדיען, וועלכע טראָגען זיך אין פֿאָלק, האָט דאָס ליעד בעקומען פֿעסטקייט און פֿערברייטונג, איז געזונגען געוואָרען, האָט זיך איבערגעגעבען פֿון אָרט צו אָרט און פֿון צייט צו צייט און איז געוואָרען א פֿאָלקס־ליעד.

בעטראַכטעט מען, למשל, די שטאַרק פֿערברייטערטע פֿאָלקס־ליעדער, וועלכע ווערען אויך איצט געזונגען אויף קאָנצערטען, זעהט מען גלייך די גאַנצע פּרימיטיווקייט, די צייטליכקייט און פֿערגענגליכקייט פֿון זיי, ווי זיי גיבען איבער ניט די פֿאָלקס־נשמה, נור די נשמה פֿון דעם קולטורעל נאָך גאַנץ אונבעהאָלפֿענעם לעזער אָדער לעזערין, וועלכע זיינען ערגריפֿען געוואָרען פֿון עפּעס א געדאַנק אָדער געפֿיהל. אָט ווערט אין איינינגע ליעדער בעזונגען דאָס אומגליק פֿון דעם שוואַכען עלטער, ווען דער טאַטע דאַרף אָנקומען צו קינדער, אין אַנדערע ליעדער ווערט אויסגעדריקט די ביטערע נויט פֿון דער שנור ביי דער שוויגער, אַנדערע זינגען פֿון דער פֿערוואָגעלטקייט אין דער פֿרעמד פֿון פֿאָטער און מוטער און דריקען דאָס אויס דורך דאָס בילד פֿון א געפֿלויגענער גאָלדענער פּאַווע. דער סאָלדאַט בעזינגט אין גראַמען ווי ער שטעלט זיך צום פּריזיוו און מען גיט איהם אָב אין סאָלדאַטען: „איך בין א יונג פֿון צוואַנציג יאָהר". די אונגליקליכע יונגע פֿרוי פֿערשילט דעם שדכן פֿאַר דעם שידוך: „שדכן, שדכן, א קלאָג צו דיר". די ישיבה־בחורים דערצעהלען זייער שטילע נויט: „אַי וועה אָרים־בחורים!". אין אַנדערע ליעדער דריקט זיך אויס אַן אונבעהאָלפֿענער רעליגיעזער געפֿיהל, וועלכער קלינגט ווי א קאַריקאַטור דורך די צונויפֿמישונג פֿון רוסיש מיט א אידיש וואָרט, ווי למשל: „אבראַם, סטאַרעץ טי נאַש, שטאָ טי ניע פּראָסיש... שטאָב נאַס וויוואָדיל... לאַרצנו". דאָס ליעדעל: „לאָמיר אָנהויבען צו דערצעהלען די מעלות פֿון אונזער פֿאָלק", קלינגט ווי עם־הארצ'ישע אונבעהאָלפֿענקייט פֿון דעם פֿרומען פּראָסטאַק. אין אַנדערע ליעדער רייצט זיך דער פֿערפֿאַסער מיט דעם גוי'שען גאָט: „געטשיינקע וואָס דו מאַך?". אין הארץ־צו־רייסענדע טענער דערצעהלט א ליעד די שרעק פֿון די קאַנטאָניסטען: „אַז ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש איז א קיסר געוואָרען, אָי וועה, אָי וועה". דער אידישער דלות קלינגט אין אונצעהליגע אַזעלכע ליעדער. יעדעס ליעד איז אַן עפּיזאָד פֿאַר זיך, ליטעראַריש אונבעהאָלפֿען, פּרימיטיוו, אָפֿט גאַנץ לאָקאַל, דריקט אויס א האַלב־קינדישען געדאַנקען און א גאָר איינפֿאַכען פֿערשטענדליכען געפֿיהל, און וואו די מעלאָדיע איז ניט גענומען פֿון אַנדערסוואו, ווערט זי געזונגען מיט דעם בעקאַנטען חזניש־בדחנישען שטייגער.

צווישען די אַזוי אָנגערופֿענע אידישע פֿאָלקס־ליעדער זיינען פֿאַראַן נאָך די וויציג־קאַריקאַטורנע, וועלכע דריקען אויס די גייסטרייכע איינפֿאַלען פֿון די פֿערפֿאַסער, אָבער זיי זיינען נאָך ווייניגער ווי די פֿריהער דערמאָהנטע ליעדער ווייט דערפֿון צו זיין פֿאָלקס־ליעדער. דאָס זיינען די פֿרעהליכע חסיד'ישע ליעדער, ווי למשל, „אַי רבניו בימינו", „אַז משיח וועט קומען", „מי אדיר אמתי" און נאָך פֿיעלע אַנדערע שפּאַסיגע און וויציגע ליעדלאַך, וועלכע ציעלעווען געגען די טראַדיציעס, אָבער קליידען זיך אין רעליגיעזע ערנסטקייט. דאָס איז די ליטעראַרישע פֿרוכט פֿון אפּיקורסים, וועלכע האָבען געוואָלט מאַכען חוזק פֿון דער אידישקייט, פֿון דעם רבי'ן מיט די חסידים און האָבען זייער סאַטירע אויסגעדריקט אין א פּאַראָדיע. דער וויטץ, די מעלאָדיע און די טענדענץ האָבען דיזע ליעדער געגעבען דעם נאָמען פֿון פֿאָלקס־ליעדער, כאָטש זייער אינדיווידועלע אפּיקורסישע פֿערפֿאַסערשאַפֿט איז גאַנץ ניכר.

אָבער אין נאָהענטער שכנות מיט דיזע ליעדער פֿון פֿאָלק הערען זיך אויך ליעדער, וועלכע זיינען שוין נאָהענט צו פֿאָלקס־ליעדער. דעם כאַראַקטער פֿון פֿאָלקס־ליעד בעקומט נור דאָס ליעד דאָרט, וואו עס הויבט זיך אויף איבער אַלע וואָכעדיגקייטען און פֿאַראיבערגעהענדיגע ערשיינונגען פֿון טאָג, איבער די נויט און פּיין פֿון אויגענבליק, פֿון אינדיווידואום, וואו עס שטעלט זיך ניט אָב אויף דעם נאַאיווען געדאַנקען און דעם קינדישען געפֿיהל, נור בעזינגט די העכערע און אַלגעמיינערע אידעען פֿון לעבען. אין די ליעדער פֿון וויעגעלע, וועלכע זינגען, דאָס דאָס קינד וועט לערנען תורה, אין דעם פֿילאָזאָפֿיש־מיסטישען

ליעד אָהן ווערטער: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא“, אין דעם רעליגיעזען ליעד: „אלי, אלי,“, אָדער אין דעם חתונה־אבשיעדס־ליעד: „אָי א גוטע נאַכט“, קלינגען שוין העכערע אינהאַלטען פון דער פאָלקס־נשמה, און אין זיי ווערען אויסגעדריקט די טיעפערע געפיהלען פון פאָלקס־לעבען, די האָפנונגען, חלומות, ביינקשאַפט און טרויער פון פאָלק. דיזע ליעדער זיינען שוין דער פּאָעטישער מאַטעריאַל, פון וועלכע דאָס פאָלקס־ליעד ווערט געוועבט און געשפונען. און עס איז מערקווירדיג, דאָס נאָכ'ן אינהאַלט און פאָרם האָבען שוין דיזע ליעדער אַזוי פאָלשטענדיג אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם אמאָליגען אינדיווידועלען פערפאַסער און האָבען זיך אַזוי וויט צונויפגעגאָסען מיט דעם ברייטען פאָלק, דאָס דאָס פאָלק איז געוואָרען ווירקליך זייער שעפער און זייער זינגער.

דאָס, וואָס ווערט געוועהנליך אַרויסגעגעבען אַלס דאָס פאָלקס־ליעד און אַלס אַזעלכעס געזונגען, איז נור אין א בעשרענקטען מאָס אמת'עס פאָלקס־ליעד. דער גרעסטער טייל פון די אידישע, אַזוי אָנגערופענע, פאָלקס־ליעדער, זיינען ליעדער פון פאָלק, אָבער ניט פאָלקס־ליעדער. זייער ווערטה איז א פסיכאָלאָגישער, אינטערעסאַנט פאַר דעם פאָרשער, פאַר דעם עטנאָגראַף, אָבער עס ליגט ניט אין זיי קיין קולטורעלער שאַץ און קיין שעפערישער כח. מיר קענען פון זיין ל[illegible]נע, אָבער ניט זיי קענען אונז לערנען. זיי זיינען א קאַפּיטעל פון קולטור־געשיכטע, אָבער ניט א בוך פון קולטער־שעפפונג. מיר קענען זיי אויסהערען, אָבער האָבען ניט, וואָס זיך צו זיי צוצוהערען. מיר שטעהען איבער זיי, ווייל זיי זיינען פאַרפאַלשטע פאָלקס־ליעדער. דאָס גרויסע און אָריגינעלע, וואָס דאָס אידישע לעבען האָט בעשאַפען אין די לעצטע יאָהרצעהנטען, די אַלע גרויסע אידעען, בעוועגונגען, איז דערפאַר אויך פון דיעזע ליעדער ניט אָנגעריהרט געוואָרען. דאָס קינדיש־בעוואוסטזיניגע איז זייער ממשלה, ביי די הויכע בעוואוסטזיניגע לעבענס־פאָרמען זיינען זיי געבליעבען מאַכטלאָז שטעהען. און דאָס נעהמט פון זיי אראָב דעם צויבער פון פאָלקס־ליעדער.

דאָס, וואָס איז ריכטיג בנוגע צו דעם פאָלקס־ליעד, איז אויך ריכטיג בנוגע צו דער פאָלקס־מעלאָדיע. אין דער פאַלשער לעכעליכער מעלאָדיע קען מען דערקענען דאָס פאַרפאַלשטע פאָלקס־ליעד. וואו די מעלאָדיע איז גענומען פון א מאַלאָראָסיסקע פעסניע, פון א רומענישען וואַלעכל, פון א רוסישען צווייט־קלאַסיגען קאָמפּאָזיטאָר, איז דאָס ניט קיין פאָלקס־ליעד און ניט קיין פאָלקס־מעלאָדיע; עס איז די אַרומיגע וועלט, וועלכע קלינגט פאַרשטעלטערהייט אין אידישע פאָרמען. דאָס עכטע פאָלקס־ליעד האָט זיין עכטע פאָלקס־מעלאָדיע. ווארום עס איז פאַראַן א אידישע אָריגינעלע מוזיק. דיעזע מוזיק איז די סינאַגאָגאַלע מוזיק, די סקאַרבאָווע נגונים, די נגונים פון פאָלקס־לעבען. כל נדרי, דער ימים־נוראים'דיגער קדיש, בעזונדערס דער קדיש פון נעילה, די עבודה, די יעלות, דער אהבה־רבה שטייגער, די נגונים פון טל און גשם און ז. וו.; די נגונים פון פאָלקס־לעבען, ווי דאָס באַדעקענעש, אוי א גוטע נאַכט און ז. וו., זיינען גרויסע מוזיקאַלישע פאָלקס־קאָמפּאָזיציאָנען, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט אויסגעדריקט זיין העכסטעס איך. דאָרט, וואו די מאָדערנע אידישע מוזיקער האָבען געשעפּט פון דער סינאַגאָגאַלער מוזיק, ווי למשל, רובינשטיין, האָבען זיי אויך געשאַפען אָריגינעלע און ערהאַבענע מאָטיווען. דיעזע סינאַגאָגאַלע מאָטיווען זיינען נאָך ניט געבראַכט געוואָרען אין אָרדנונג פון א געניאַלען מוזיקער, אָבער עס ליעגט אין זיי שטאָף צו א אָריגינעלער פאָלקס־מוזיק, צו א נייעם געבוי פון טענער און אידעען. דאָס עכטע פאָלקס־ליעד האָט אויך געשעפּט איהר נגון פון דער סינאַגאָגאַלער מעלאַדיע און צייכענט זיך שוין דערמיט אויס פון די פאָלקס־גראַמען מיט זייערע פאַלשע טענער און אבשטויסענדער זינגעריי.

און דער סך הכל איז, דאָס קיין נייעס אידישעס פאָלקס־ליעד איז ניטאָ, און אַזוי ווי דאָס נייע פאָלקס־ליעד איז ניטאָ, איז אויך דאָס אַלטע פאָלקס־ליעד טויט. ווארום דאָס ליעד אַזוי ווי יעדע קולטור קען ניט איבערגעהען בירושה, נור מוז אין יעדער צייט־פעריאָדע אויף דאָס ניי פון דעם מענשליכען ווילען בעניייט ווערען.

דערפאַר וועט יענעם ליעד נור פערדיענען דעם נאָמען פאָלקס־ליעד, וואָס וועט מיט טיעפערע און אָרגינעלערע טענער זיך אנשליעסען אָן דער פאָלקס־שירה און וועט פון איהר בעשאַפען א העכערע האַרמאָניע און א טיעפערע ביינקשאַפט פון דעם מענשליכען גייסט.

מיר זיינען ניט אין גאַנצען איינשטימיג מיט די אויספיהרונגען פון ד"ר. סירקין. ער פערבייט גאַנץ אָפט די בעגריפע פון נאַציאָנאַלען עפּאָס, פון נאַציאָנאַלער פּאָעזיע און פאָלקס פּאָעזיע. יעדענפאַלס זיין שטאַנדפּונקט איז אַן און פאַר זיך אינטערעסאַנט. מיר וועלען אין די נעקסטע נומערן דרוקען אַן אַרטיקעל, וואָס וועט דעם ענין גאַנץ אַנדערש בעליכטען. די רעד.

ש. ראַבינאָוויטש

טאַראַס שעווטשענקאָ

(צו זיין הונדערט־יעהריגען יובילעאום).

דעם 25 פעברואר, 1914, איז געוואָרען הונדערט יאָהר זייט דער גרויסער מאלארוסישער דיכטער, טאַראַס שעווטשענקאָ איז געבאָרען געוואָרען.

וואָלט ער דערזעהן די וועלט אין איינעם פון די אייראָפּעאישע לענדער, וואָלט זיין יובילעאום געווען א הערליכער פאָלקס־יום טוב, מען וואָלט ווירקליך געפייערט דעם געבורטסטאג פון דעם אונשטערבליכען דיכטער, דעם קעמפּפער און מארטירער. אין רוסלאנד אָבער האָט מען נאָר אין איין אָרט, אין א שטעדטיל אין דער ווייטער סיביר, עפענטליך און הויך געפייערט דעם יובילעאום. איבער׳ן גאנצען לאנד, איבער׳ן גרויסען און ברייטען לאנד, איז דער יובילעאום ניט געפייערט געוואָרען. די רעגיערונג האָט פערבאָטען. מען האָט בלויז דעם דיכטער בעוויינט — שטיל אָהן ווערטער בעוויינט.

און אנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. שעווטשענקאָ, ווי פיעלע בעריהמטע רוסישע שרייבער, איז געווען דער קרבן פון דער רוסישער רעגיערונג.

זיין לעבענס־געשיכטע — דאָס איז געווען פון אנפאנג ביז׳ן סוף איין קייט פון פערפאָלגונגען, פייניגונגען, יסורים, וואָס קען אויספאלען אויפ׳ן שיקזאל פון א הויך־בעגאבטען מענשען נור אין דעם פינסטערן רוסלאנד.

* * *

טאראס שעווטשענקאָ איז געבאָרען געוואָרען דעם 25טען פעברואר, 1814, אין דעם דאָרף מארינצא, קיעווער גוב. זיין פאָטער איז געווען א פערשקלאפטער פויער, א לייבאייגענער ביי א פריץ מיט׳ן נאָמען ענגעלהארד. שוין אין דער פריהעסטער קינדהייט האָט ער אנגעהויבען צו פיהלען די ביטערסטע צרות און דעם אונערטרעגליכען שקלאפען־יאָך. צו ניין יאָהר האָט ער פערלאָרען זיין מוטער, וועלכע איז נאָך געווען גאָר יונג. זי איז געשטאָרבען פון הונגערן און הארעווען. ווען ער איז אַלט געוואָרען 12 יאָהר איז זיין פאטער געשטאָרבען. שעווטשענקאָ איז געבליבען אויף דער גרויסער וועלט אליין און עלענד ווי א שטיין.

און טאראס האָט זיך אָנגעהויבען וואלגערען ביי פרעמדע מענשען, וואו א טאָג און וואו א נאכט. א דיאטשאָק (איינער פון די ניעדעריגע כלי קודש אין קירכע) האָט איהם אויסגעלערנט לייענען תהילים. דאָס איז געווען אלעס וואָס ער, דער דיאטשאק, האָט געקענט. א צווייטער דיאק האָט טאראסען גענומען צו זיך. דאָס איז געווען א הארצלאָזער שכור, וואָס פלעגט צווינגען דעם אומגליקליכען יתום צו טהאָן עבודת פרך: שלעפען האָלץ, טראָגען וואסער, מאכען דעם אויוועז. צוויי יאָהר האָט שעווטשענקאָ „שטודירט“ ביי דעם דיאק. ער האָט שוין אָבער מעהר ניט געקענט אויסהאלטען און איז אנטלאָפען. ער קומט אן צו א מאליער, צו א צווייטען, ער וויל זיך אויסלערנען די מלאכה, ער האָט פון אנפאנג אן ארויסגעוויזען גוטע פעהיגקייטען צו מאלעריי. שעווטשענקאָ האָט זיך אָבער ארומגעזעהן, אז ביי די דאָרפישע מאליארעס וועט ער זיך גאָרנישט אויסלערנען. ער קריגט ענדליך א שטעלע פון א פאסטוך — ער פאשעט שעפסען. ניט לאנג האָט ער אָבער אָנגעהאלטען די שטעלע. טאראס פלעגט זיך פערקוקען אויף די פראכטפאָלע בילדער פון דער שעהנער מאלאראסישער נאטור, אָדער ער פלעגט זיך אריינטהאָן אין א ביכעל און דערווייל פלעגען די שעפסען פארנאנדערגעהן זיך אין פארשיעדענע זייטען. נו, פארשטעהט זיך, אז קיין דאנק פאר אזא שטיקעל ארבייט פלעגט שעווטשענקאָ ניט קריגען. מען האָט איהם געמאכט אויס פאסטוך. האָט ער ווידער געפּרובט אָנקומען צו א מאליער, האָט מען איהם אָבער שוין ניט געוואָלט נעהמען, אַוואו ער וועט ניט ברייגגען אן ערלויבנים פון זיין פריץ, ענגעלהארד. טאראס איז אַוועק צו ענגעלהארד׳ס פערוואלטער און האָט איהם געבעטען די ערלויבנים. אלס אן ענטפער, האָט דער פערוואלטער איהם א כאפּ געטהאָן פאר׳ן קאָלנער און אריינגעשלעפט צום פריץ אין הויף.

איצט האָט דער פריץ ענגעלהארד זיך גענומען מאכען פון טאראסען א „מענשען“. צוערשט האָט ער איהם געמאכט פאר א קוכער. דאָס איז אָבער ניט געגאנגען. האָט ער איהם געפּרופט מאכען פאר א לאקיי. האָט עס אָבער איינמאָל געטראָפען, שפּעט ביי נאכט, איז דער פריץ געקומען א היים און האָט געטראפען דעם „לאקיי“ מאלענדיג עפּיס א בילד. דער פריץ האָט איהם אָנגעדרעהט פאר׳ן אויער און אויף מאָרגען האָט ער איהם נאָך אָפּגעשמיסען. האָט שוין געזעהן דער פריץ, אז קיין

„לייט“ וועט פון שעווטשענקאָ ניט ווערען, האָט ער איהם אַוועקגעפיהרט אין ווארשא צו אַ מאָליער, און אין אַ האַלב יאָהר ארום האָט ער איהם אַוועקגעפיהרט אין פעטערבורג און אָבגעגעבען צו איינעם שעווירִיאַיעוו אויף פיער יאָהר.

אַ נייעס לעבען האָט זיך דאָ אנגעפאנגען פאר שעווטשענקא. אמת, אויך דאָ האָט מען איהם געשיקט מאָלען פאַדלאָגעס, פּארקאנעס, אָבער ביי נאַכט פלעגט ער אַוועקפליהען אין „לעטני סאד“ און פלעגט דאָרטען שטונדענווייז אפּשטעהען און בעטראכטען די סטאטועןן און דאן פלעגט ער זיך נעהמען פאר'ן בלייפּעדער און קאפּירען מיט התלהבות אויפ'ן פּאַפּיער.

אין „לעטני סאד“ האָט ער זיך בעקענט מיט'ן בעוואוסטען מאלארוסישען מאלער סאשענקא, וועלכער האָט געשפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין שעווטשענקאָ'ס לעבען.

סאשענקא האָט זיך מיט איהם גלייך שטאַרק פאראינטערעסירט. ער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר דעם סעקרעטער פון דער „קונסט־אַקאַדעמיע“ גריגאָראָוויטש. אויך דורך איהם האָט זיך שעווטשענקאָ באקענט מיט דעם בעריהמטען מאלער בריולאָוו און מיט דעם גרויסען דיכטער זשוקאָווסקי.

די איינציגע שוהלע, וואו שעווטשענקאָ האָט געקענט ענטוויקלען זיין טאַלאַנט, איז געווען די „קונסט־אַקאַדעמיע“. איז אָבער שעווטשענקאָ געווען אַ שקלאַף. ער האָט בעלאַנגט ניט צו זיך נור צום פּריץ ענגעלהארד. אלזאָ, איז די ערשטע אויפגאבע געווען אַרויסצורייסען טאַראַסאַן פון דעם פּריץ'ס הענד. דאָס איז אָבער געווען זעהר אַ שווערע זאַך. דער פּריץ האָט איהם בשום אופן פון דער פּאנשציזנע ניט געוואָלט בעפרייען, ווי שטאַרק די בעריהמטע ליטעראטען און קינסטלער האָבען זיך אין דעם ניט אריינגעלייגט.

ענדליך איז מען ווי עס דורכגעקומען מיט'ן פּריץ, ער האָט פערלאַנגט פאר שעווטשענקאָ 2500 רובעל.

אין יענער צייט איז אזא סומע געווען פאררעכענט פאר א גרויסען פארמעגען. זשוקאָווסקי האָט זיך דאָך אַן עצה געגעבען ווי דאָס געלד צו קריגען. ער האָט פאָרגעלעגט בריולאָווען, אַז ער זאָל מאָלען פון איהם, זשוקאָווסקען, אַ פּארטרעט און פון א לאטערעא ארויסנעהמען די נויטיגע געלד. אַזוי איז געווען: ענגעלהארד האָט בעקומען דאָס געלד און זיי — שעווטשענקאָ'ן. דאָס איז געווען אין 1838. שעווטשענקאָ איז דאן אַלט געווען 24 יאָהר.

טאראס איז דאן אָנגעקומען אין דער „קונסט־אַקאַדעמיע“, און דאָ איז געשעהן דאָס אונערוואַרטעטע. שעווטשענקאָ, וועלכען מען האָט פריהער בעטראַכט אַלס טאַלענטפולען מאלער, האָט זיך פּלוצלינג אנטפּלעקט פאר דער וועלט אַלס אַ גרויסער דיכטער.

שעווטשענקאָ האָט שוין לאנג געשריעבען ליעדער, אָבער בלויז פאר זיך זעלבסט, ער פלעגט זיי קיינמאָל ניט ווייזען. וואהרשיינליך האָט ער פון זיי קיין ווערזען ניט געמאַכט. צופעליג האָבען איינינגע פון זיינע פריינד זיך באקאנט מיט זיי און עס איז ניט געווען קיין שעור און קיין ערך צו זייער בעגייסטערונג. זיי האָבען אָפּגעדרוקט אַ קליין באנד, אין וועלכען עס זיינען געווען בלויז אַכט ליעדער, אונטער דעם נאָמען „קאבזאר“. ער איז מיט אמאָל געוואָרען בעריהמט איבער גאנץ רוסלאנד, און פאר די מאלאראסען, די איצטיגע שקלאפען און אַמאָליגע העלדען, איז ער געוואָרען זייער גרויסער נביא.

די קריטיקער אָבער האָבען די ערשטע צייט געקוקט אויף דעם מאלארוסישען דיכטער, דעם פּויער, פון אויבען אראָפּ, — צווישען זיי אפילו אויך בעלינסקי. שעווטשענקאָ האָט זי וועגען דעם ווענִיג געקימערט. „האָב איך אַ דאגה — שרייבט שעווטשענקאָ וועגען זיינע קריטיקער.



טאַראַס שעווטשענקאָ

זאָל זיין איך בין אַ פּויערשער פּאָעט, אבי אַ פּאָעט און מעהר דארף איך ניט."

און ער האָט טאַקע מעהר ניט געדארפט. ער האָט געליעבט זיין אומגליקליכע אוקראינע, זיינע ברידער, מאלאראסען און זיי האָבען איהם פארשטאַנען און פארגעטערט.

אין 1843 איז שעווטשענקא אוועקגעפאָהרען פון פּעטערבורג אַ קוק טהאָן וואָס טהוט זיך אין אוקראינע. און אַ שרעקליכען, שמערצליכען איינדרוק האָט ער פון דאָרט ארויסגעטראגען. ער האָט געזעהן ווי זיינע פערשקלאפּטע ברידער שמאַכטען, פינסטערן און הונגערען. און אַ הייליגער צאָרן האָט אין איהם אויפגעקאָכט.

דאַן האָט ער אָנגעשריעבען איינס פון זיינע בעריהמטעסטע ליעדער „דער חלום", וואו ער שילדערט די אכזריות, די רציחות פון די פּריצים און דעם שטומען, הילפלאָזען עלענד פון דעם שקלאַף, דעם מאלאראָס.

אַרום יענער צייט אונטער דער ווירקונג פון שעווטשענקא האָט זיך פאָרמירט אַ קרוזשאק פון יונגע מאלאראסען. זייער אויפגאבע איז געווען צו פארשפּרייטען ליכט און וויסענשאַפט צווישען די מאלאראסען און פראפאגאנדירען דעם אידעאַל פון פעדעראטיווער רעפּובליק: יעדע נאַציאָן פון רוסלאנד זאָל האַבען אויטאָנאָמיע, זאָל אויסארבייטען אַליין אַנדערע געזעצע און זאָל האָבען איהר איגענע רעגיערונג. נאָך זייער מיינונג האָבען געדארפט אלע סלאַווען: פּאָליאקען, סערבען, באלגארען און טשעכען פאָרמירען אַ „ספּילקע" (פעדעראציע). אָבער פריהער פון אַלץ האָבען זיי געשטרעבט צו דער בעפרייאונג פון די פּויערים.

און שעווטשענקא איז געווען די נשמה פון דיעזען קרוזשאָק.

קיין רעוואָלוציאָנערע טהאַטען האָט קיינער פון זיי אין זינען ניט געהאַט. דאָס איז געווען בלויז אַ גרופּע, וועלכע האָט זיך פארנומען מיט קולטור ארבייט און מיט פּלענער, ווי אַזוי צו פערווירקליכען זייער אידעאַל.

אין דער זעלבער צייט האָט שעווטשענקא געקראָגען אַ רעגיערונגס־שטעלע, וועלכע איז געווען איהם זעהר צום הארצען. זיין ארבייט האָט געזאָלט זיין ארומצופאָהרען איבער אוקראינע, איבער די אמאליגע קלויסטערס, אַלטע פּאַלאַצען, איבער די אַלטע קברים און צו מאַכען פון זיי צייכנונגען און פערשרייבען די אַלטע פאָלקס־געשיכטען און פאָלקס־ליעדער.

עס האָט אויסגעקוקט, אַז דער לעבען הויבט איהם אָן שמייכלען, אַז אויך ער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין גוטע שעה זייט זיין געבורט, וועט אַנהייבען געניסען פון לעבען. אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער גאַנץ אַנדערש.

דעם 5טען אַפּריל 1847 איז שעווטשענקא ארעסטירט געוואָרען צוזאַמען מיט קולישען, קאסטאמאראווען און פיעלע אנדערע. איינער אַ סטודענט פעטראָוו האָט זיי ארויסגעגעבען. די רעגיערונג האָט זיי אָנגענומען פאר די געפעהרליכסטע רעוואָלוציאָנערען. ערגער ווי מיט אַלעמען איז זי זיך בעגאַנגען מיט שעווטשענקאָ'ן. מען האָט ביי איהם געפונען ליעדער, וועלכע זיינען ביי דער רוסישער רעגיערונג געווען פיעל געפעהרליכער, ווי די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדאַ פון קרוזשאָק. מ'האָט איהם גלייך אָבגעפיהרט אין „פּעטראָפּאַוולאָווסקאַ" פעסטונג.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ פינסטערער לעבען פאר שעווטשענקא, אַ לעבען אַ ריכטיגער גיהנם.

מען האָט איהם אָבגעגעבען פאר אַ סאָלדאַט, פארשיקט אין ארכאנגעלסק און פארשפּארט אין אַ פעסטונג. מען האָט איהם פארבאָטען צו שרייבען און צו מאַלען. שעווטשענקא האָט געקענט אַלע ערנידערונגען אריבערטראגען, אָבער ער האָט ניט געקענט איינהאַלטען זיך פון שרייבען און מאָהלען. פלעגט ער, ווען אַלע פלעגען שלאָפען, גע'גנב'עטערהייט אויסגיסען זיין ביטער הארץ, זיין ברענענדע נשמה, זיין גרענצענלאָזע ליעבע צו זיין אוקראינע אויף שטיקלאך פּאַפּיער און בעהאַלטען זיי אין זיינע כאַלאַוועס.

וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעליטען איז שווער צו בעשרייבען. מען האָט צו איהם צוגעשטעלט אַ „דיאדקע", וועלכער האָט ניט געטאָרט אָפּטרעטען פון איהם אויף אַ האָאר. מ'פלעגט איהם טרייבען אויף די שווערסטע ארבייט, מען פלעגט איהם מושטירען ביז וואַנען ער פלעגט זיך שוין ניט קענען האַלטען אויף די פיס, מען פלעגט איהם יעדע ווייליע אונטערזוכען צי האָט ער ערגעץ ניט עפּעס אָנגעשריעבען. מען האָט איהם אפילו קיין בריעף פאר אנדערהאלבען יאָהר ניט געלאָזען שרייבען, און אויך צו איהם האָט מען דיינע בריעף ניט צוגעלאָזען. פיעל גרעסער זיינען אָבער געווען די יסורים, וואָס האָט איהם באגלייט דער פערבאָט צו שרייבען און צו מאָהלען. די בעסטע בליהענדע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער אָבגעפינסטערט אין סילקע. און זיין טאַלענט האָט זיך גראדע דאַן ענטוויקעלט צו אַזאַ הויך, וואָס עס האָבען דערגרייכט זעהר ווייניגע ניט נור אין דער מאַלאָרוסישער, נור אויך אין דער רוסישער ליטעראטור. און אין פערלויף פון 10 יאָהר האָט דער גרויסער דיכטער, דער צוגעשמידעטער פּראָמעטעי, ניט געטאָרט אָנשרייבען אַ פּאָאר שורות.

און דער דיכטער וויינט:

מיר ווערט גרינגער אין געפענגניס,
ווען איך שרייב די ליעדער מיינע.
פון דעם דניעפּר פון דעם וויטען
קומען ווערטער מיר צו פליהען.
און זיי ריידען מיט געלעכטער,
און זיי ריידען מיט געוויין,

און זיי פריהען מיין נשמה,
מיין פערצאַרנטע נשמה.
גוט איז מיר מיט זיי . . .

שעווטשענקא האָט אָנגעשריעבען אַ בריעף צו גאגאל'ען, וועמען ער האָט פערזענליך ניט געקענט. ער בעט איהם רחמים, אז ער זאָל זעהן עפּעס טהאָן פאר איהם, פועל'ן ביי דער רעגיערונג, אז מען זאָל איהם ערלויבען כאָטש מאָהלען. גאגאל, פערשטעהט זיך, האָט גאָר נישט געקענט אויפטהאָן.

דער איינציגער מענש, וועלכער האָט יע געקענט עפּעס טאָן, איז געווען ד. טאָלסטאָי, וועלכער האָט שעווטשענקאָ זעהר ליעב געהאַט. גראף טאָלסטאָי האָט די גאנצע צייט ניט גערוהט און מיט אַלע כחות מישתדל געווען זיך ארויסצוקריגען אן אמניסטיע פאר שעווטשענקאָ'ן. איהם איז דאָס אָבער געלונגען ערשט דאן, ווען עס האָט שוין אָנגעפאנגען דער צווייטער יאָהר צעהנדליג פון שעווטשענקא'ס סילקע.

אָט וואָס עס שרייבט וועגען דעם איינער פון די טאָלסטאָי'ס :

„ווען אלעקסאנדער דער צווייטער איז ארויף אויף'ן טהראָן, האָט מיין פאטער גלייך גענומען כטארען זיך ארויסקריגען אן אמניסטיע פאר'ן דיכטער און מאהלער שעווטשענקא. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אז אין דער ליסטע פון די פערזאָנען, וועלכע האָבען געדארפט בעפרייט ווערען, איז שעווטשענקא'ס נאָמען געווען אויסגעמעקט פון קייזער אליין. ווי מען האָט דערצעהלט, האָט אלעקסאנדער דער צווייטער אויסגעשריען : אָט דעם פערברעכער טאָר איך ניט מוחל זיין : ער האָט בעליידיגט מיין מוטער (וואהרשיינליך, אין איינעם פון די ליעדער, וואָס מ'האָט ביי איהם געפונען). מיין פאָטער איז דאן אוועקגעפאָהרען צו דער גרויס־פירסטין מאריע ניקאָלאיעוונא, זי איז געווען דער פרעזידענט פון דער „קונסט־אקאדעמיע". זי האָט געזאָגט, אז זי וועט פאר קיין אופן ניט בעטען פאר א מענשען, וועמעס נאָמען איז אויסגעמעקט פון קייזער'ס האנד. „אויב אזוי", האָט אויסגעשריען מיין פאטער, „וועל איך זיך אליין ווענדען צום קייזער".—וואָס רעדט איהר ?—האָט אויסגעשריען די פרינצעסין דערשראָקען, — איך, א שוועסטער, האָב ניט די העזה דאָס צו טהאָן. — און איך וועל דאָס טהאָן ! —

גראף טאָלסטאָי האָט ענדליך דאָך אויסגעפיהרט.

געקומען איז שעווטשענקא שוין א צובראָכענער. ער האָט אויסגעקוקט אַלט און שוואַך. „מען האָט איהם צוגענומען — האָט געשריבען זיין פריינד קאסטאמאראוו — אין זיין רוויטע קוטשמע א יונגען, א געזונדען, א פרעהליכען, מיט שווארצע, געדיכטע האָאר. צוריק איז ער געקומען אין זיין רוויטער קוטשמע א גראָהער, א פער'חושכ'טער, מיט אויסגעקראָכענע האָאר, מיט א צובראָכענעם געזונד."

שעווטשענקא האָט אָבער ווידער אָבגעלעבט. ער האָט זיך געזעהן מיט זיינע אַלטע פריינד און בעקאנטע, ער האָט אָנגעהייבען לעזען פיעל און שרייבען און עס האָט זיך געדוכט, אז עס האָט אָבגעלעבט אין איהם דער אמאָליגער, יונגער שעווטשענקאָ. אין 1859 זומער איז ער געפאָהרען אין זיין אוקראינע.

עס האָט אויף איהם ווידער א בלאָז געטהאָן דער ווינטעל פון די אוקראינסקע פעלדער, ווידער האָט ער דערהערט דעם מורמלען פון דעם פראכטפאָלען דניעפר, ער איז געווען אין זיין אַלטער, ליעבער היימאטה.

און עס האָט זיך געוואָלט דאָרטען פערבלייבען שוין אויף אימער דאָ. ער האָט געזוכט צו קויפען א שטיקעל ערד, וואָס זאָל ליגען הויך איבער'ן דניעפר און דאָרטען דערלעבען זיינע יאָהרען.

ער האָט טאקע אויסגעפונען א זעלטען שעהנעם פלאַץ, ווי ער האָט זיך געוואונשען, און האָט אָנגעהויבען מאכען די נעטהיגע פאָרבערייטונגען אום זיין פלאן וואָס שנעלער צו פארווירקליכען. ער איז אוועקגעפאָהרען אויף א קורצע צייט אין פעטערבורג. דאָרט איז שוין איהם געווען שווער א טאָג איבערלעבען. „איך קען דאָ ניט פערבלייבען", האָט ער געשריעבען פון פעטערבורג, „איך פיהל, אז איך וועל דערשטיקט".

פון פעטערבורג איז ער שוין אָבער ניט אוועקגעפאָהרען. דעם 26טען פעברואר 1861 — מיט א פּאָאר טעג איידער מען האָט פארעפענטליכט דעם מאניפעסט פון דער בעפרייאונג פון די פויערים — איז שעווטשענקא געשטאָרבען.

הויך, הויך איבער'ן דניעפר שטעהט דער בארג, וועלכער רופט זיך איצט „טאראסאווא גאָרא". דאָרט געפינט זיך דער קבר, וואו עס ליגט דער קערפּער פון דעם גרויסען דיכטער און גרויסען מארטירער שעווטשענקא.

א יאָהר־הונדערט איז פאראיבער זייט דער דיכטער איז געבאָרען, איבער א האַלבען יאָהרהונדערט זייט דער דיכטער איז געשטאָרבען און „טאראסאווא גארא" דערצעהלט אונז נאָך אליין געשיכטעס פון דיכטער פון דניעפר.—די וואונדערליכע, ריהרענדע געשיכטעס, וואָס זיינען אזוי פול מיט ליידען און מיט קאמפּף.

* * *

עס זיינען פאראן פּאָעטען, וועלכע זיינען פערליעבט אין זייער שאפען. דער קלאנג פון זייערע ליעדער פערשאפט זיי דעם גרעסטען פארגעניגען. זיי בעזינגען די הערליכע נאטור, די שעהנהייט פון דעם מענשענ'ס קערפער, די איידעלקייט פון דעם מענשענ'ס נשמה. זיי זינגען נור צוליעב דעם פערגניגען פון דעם

זינגען, און פון די מענשליכע צרות אנטלויפען זיי, פון די מענשליכע קרעכצען ווייכען זיי. פאראן אבער פאעטען, וועלכע בעזינגען נור די ליידען און די שמערצען פון פאלק. און ווען איהר לעזט זייערע ליעדער, פיהלט איהר, אז דאס הארץ האט ביי זיי געוויינט, אז זיי האבען געשריעבען „ניט מיט טינט, נאר מיט'ן בלוט פון זייער הארצען".

אזא פאעט איז געווען שעווטשענקא.

שעווטשענקא'ס פאעזי איז פול מיט די צארטעסטע טענער פון ליעבע, איהר פיהלט, אז זיי טרייסטען אייך, זיי גלעטען אייך, זיי מאכען אייך אטהעמען רוהיגער, פרייער. זיין פאעזי האט אבער אין זיך אויך א פארביסענהייט, א צארן, וואס זידט אויף אפטמאל דאס בלוט און דריקט אויף די פויסטען. ער צייגט פאר אייך בילדער, וואס ווארפען אויף אייך א שרעק. דא רייסט ארויס דער פריץ אן איין איינציגען זוהן פון זיין מוטער'ס הענד און גיט איהם אפ פאר א סאלדאט. דארטען נעהמט מען אוועק א חתן פון זיין געליעבטער. אט וויינט מיט ביטערע טרעהרען א יונגע מוטער, וועלכע בויגט זיך אין דרייען אויפ'ן פריצישען פעלד. זי וויינט, ווייל מען לאזט איהר ניט אנזויגען איהר איינציגעס קינד. און נאך און נאך, איין בילד שרעקליכער פון צווייטען. און דער דיכטער שרייט אויס:

צורייסט די קייטען,
און מיט דעם שונא'ס בלוט
בעשפריצט אייער פרייהייט!

„פאר שעווטשענקא — שרייבט א קריטיקער — איז אוקראינע פון אנפאנג ביז'ן סוף פון זיין לעבען געשטאנען העכער פון אלעס אין דער וועלט". אין איינעם פון זיינע שעהנסטע ליעדער דריקט ער אויס זיין ליעבע אין די פאלגענדע ווערטער:

אזוי שטארק ליעב איך מיין אוקראינע, מיין ארימע אוקראינע, אז איך וואלט מיין נשמה פאר איהר אוועקגעגעבען.

אין קיין איינעם פון זיינע ליעדער רעדט ניט דער פאעט וועגען זיינע פערזענליכע ליידען. אלץ וויינט דער דיכטער וועגען זיין פעראומגליקטער אוקראינע, אלץ טרוימט דער פאעט וועגען דניעפער. אין א ליעד פון פעסטונג בעט שעווטשענקא גאט, אז ער זאל „זיינע טרעהרען ברייננגען צו זיין געליעבטער אוקראינע". ווארים ער טרוימט נאר וועגען איהר.

דער דיכטער דערמאהנט זיך וועגען דעם בעריהמטען אמאל און פערגלייכט עס מיט דעם טרויעריגען היינט און עס רייסט איהם דאס הארץ:

אלעס איז אוועק און וועט צוריק ניט קומען!

נאך א הערליכע מעלאדיע קלינגט אין שעווטשענקא'ס פאעזי, דאס איז די ריינע, קריסטאל-ריינע, מוטער-ליעבע, „די ליעבע, וואס פאדערט גאר נישט און גיט אפ אלעס". אין דער מוטער האט ער געזעהן עפעס געטליכעס.

שעווטשענקא איז בעשאפען געווארען צו זינגען די זיסטע ליעבע ליעדער, דער לעבען האט אין זיי סם ארייננגעגאסען.

* * *

דאס טראגישע, זאגט מען, איז דאס שעהנע. און פון דיעזען שטאנדפונקט איז שעווטשענקא'ס לעבען געווען א מערקווירדיגע שעהנעס: עס איז פון אנפאנג ביז'ן סוף איינע אן אונענדליכע טראגעדיע.

א מוטער האט ער פערגעטערט — האט ער זיין מוטער, ווען ער איז נאך א קינד געווען, פערלארען. ער האט פרייהייט פארגעטערט— איז ער ביז 24 יאהר געווען א שקלאף. ער איז געווען א גרויסער דיכטער, א מאהלער — האט מען ביי איהם אין די בעסטע יאהרען צוגענומען דאס רעכט צו שרייבען און צו מאהלען. ער האט דעם גאנצען לעבען געטרוימט וועגען דער בעפרייאונג פון זיינע אומגליקליכע ברידער-שקלאפען — איז ער געשטארבען גראדע מיט א פאאר טעג איידער דער פרייהייט-מאניפעסט איז ארויס.

א טראגישעם לעבען.

הענרי גרינפעלד

די לעצטע טרערען

א בית-עולם שטיל
ב'דעקט מיט קברים פיעל
איז מיין וועלט געווארען.
סומנע, וויסט און שטום,
געהט אן אומעט אום,
ווי א שווארצער ארון.

די חלומות טויט
ליעגען אויסגעשפרייט
פאראוויז אין די גריבער.
יעדען צארט געפיהל
דעקט פער'חלומ'ט שטיל
א מצבה איבער.

אפטער, טיעפער דארט
אין אן איינזאם ארט
נייע קברים ווערען.
אויפ'ן טהרה-ברעט
וואשט זיך מיין געבעט
אין די לעצטע טרעהרען.

דר. פ. ראָזענבלאַט (בן־יקיר)

די „צוקונפט“ און איהר היסטאָריקער

אין רוסלאַנד איז ניט לאַנג צוריק ערשיענען א יאָהר־בוך פאַר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור און שפּראַך — „דער פּנקס“. אין דיזען „פּנקס“ איז צווישען אַנדערע זאַכען*) פאַרהאַן אַן אַרטיקעל „צום צוואַנציג־יעהריגען יובילײ פון דער „צוקונפט“. דער שרייבער פון דעם אַרטיקעל האָט זיך פערמאָסטען צו געבען די געשיכטע פון צוואַנציג יאָהר „צוקונפט“. ווי האָט ער זיין וויכטיגע אויפגאַבע אויסגעפיהרט?

עס איז ניט גאָר אנגענעהם צו בעהאַנדלען דיזע פראַגע אויף די זייטען פון דער „צוקונפט“. עס איז א גאַנץ דעליקאַטער ענין. אַזוי ווי אָבער, לויט דעם פּלאַן פון די אַרויסגעבער, דאַרף דער יאָהרבוך זיין אַן אמת'ער פּנקס, א ספר הזכרונות, וואו אַלץ, וואָס ווערט דאָרט דערצעהלט, דאַרף זיין שטרענג היסטאָריש, שטרענג אמת, און אזוי ווי דער ענין איז דאָך אונזערער, אַן אַמעריקאַנער, ווע‍לען מיר זיך אָבשטעלען מעהר אָדער ווענינער אויספיהרליך אויף דעם אַרטיקעל און זעהען, צי איז ער ווירקליך פּאַסענד פאַר א פּנקס — מעג זיך די אויפגאַבע זיין ווי אונאַנגענעהם.

אונז איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זעהען, ווי מען בעהאַנדעלט די אידיש־אַמעריקאַנער שרייבער אין רוסלאַנד — ווי כלאחר יד, ווי אונגערעכט, ווילד־אונגערעכט אָפטמאָל. דער „פּנקס“ אָבער, לויט דעם פּלאַן פון זייערע אַרויסגעבער, דאַרף מיט דער צייט אויסגענוצט ווערען אַלס „קוואַל“ פאַר וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען וועגען דער אידישער ליטעראַטור; ער דאַרף מיט דער צייט געברויכט ווערען אַלס „מאַטעריאַל“ פאַר ענציקלאָפּעדיעס. אין אַזאַ היסטאָרישען זאַמעלבוך מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג. מען מוז זיין העכסט פּינקטליך אפילו דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַמעריקאַ, אפילו דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די אַמעריקאַנער אידישע שרייבער. און זיכער טאָר אַזאַ זאַמעל־בוך ניט געשטרויכעלט ווערען מיט אַרטיקלען, וואו דער אמת ווערט אבזיכטליך פערדרעהט צוליעב קליינליכע פּניות.

דער אַרטיקעל איבער דער „צוקונפט“ פערנעהמט מעהר פון דרייצעהן גרויסע זייטען פון דעם „פּנקס“. אויף מעהר ווי זיבען זייטען רעדט דער שרייבער וועגען אַלץ אין דער וועלט, נור ניט וועגען דער צוקונפט“, און דעם אינטערעסאַנטסטען פעריאָד פון דעם זשורנאַל — די צעהן יאָהר פון זיין רעגעלמעסיגען ערשיינען, נאָכהער ווי ער איז פיער און א האַלב יאָהר אָבגעשטעלט געוועזן — פּטור'ט דער שרייבער אָפּ מיט קנאַפּע צוויי זייטען.

מיר וועלען זיך דאַריבער אָבשטעלען דוקא אויף דעם לעצטען פעריאָד. מיר וועלען אָנפאַנגען פון א קליינעם אינצידענט, וואָס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש.

אַלזאָ, צו דער געשיכטע.

* * *

צוריק מיט א פּאָאר יאָהר האָט דער איינציגער סאָציאַליסטישער מאָנאַטליכער זשורנאַל „די צוקונפט“ געהאַט א יום טוב: ער איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר.

די שמחה איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר נומער, 1912. די מעלות פון דעם זשורנאַל זיינען גאַנץ ברייט אויסגערעכנט געוואָרען אין איינינע אַרטיקלען. דאַביי האָט די רעדאַקציאָן אין א מין מאַניפעסט מודיע געוועזן, אַז די „היינטיגע מיטאַרבייטער פון „די צוקונפט“ האָבען אויפגעהערט צו זיין די איבערקייער, די איבערזעצער און פּאָפּולאַריזאַטאָרס פון אַלטען חדר, וועלכע האָבען בלויז געהאַלטען אַלס זייער אויפגאַבע מודיע צו זיין, וואָס י ע נ ע ר גדול זאָגט, וואָס י ע נ ע ר גאון דענקט, ווי י ע נ ע ר פיהרער בעוועגט זיך; אונזערע מיטאַרבייטער זיינען זעלבסטשטענדיג סיי אין זייער דענקען, סיי אין זייער טהאָן. זיי זיינען אַלע די וואָרט־פיהרער פון יעדען נייעם געדאַנק, פון יעדער נייער שטרעבונג“.

דאָס איז געוועזן, פערשטעהט זיך, שוין גאָר ניט בעשיידען, איינפאַך אונזין. דער „פאָרווערטס“ האָט עס אָבער גענומען צו ערנסט — און עס איז אַרויסגעקומען א שטיקעל סומאַטאָכע. אָבער דאָס איז אַן אַנדער געשיכטע. מיר וועלען זיך צו איהר אומקעהרען שפּעטער.

מאַכט זיך גראַדע, אַז אַרום יענער צייט פערטראַכט מען אין רוסלאַנד אַרויסצוגעבען דעם איצט ערשיענענעם „פּנקס“ — „די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור און שפּראַך“. און כאָטש די „צוקונפט“ ווערט אַרויסגעגעבען אין אַמעריקאַ, האָט מען דעם זשורנאַל דאָך ניט געקענט אויסלאָזען. די „צו־

*) פון דעם קומענדען נומער הויבען מיר אָן צו געבען אין „צוקונפט“ א רייהע אויספיהרליכע אַרטיקלען פון דעם בעוואוסטען פילאָלאָג יהודה יפה איבער די פערשיעדענע אָבטיילונגען פון „פּנקס“.—די רעדאַקציאָן.

קונפט“ איז דאָך, ווי איהרע רעדאַקטערע אַליין האָבען עדות געזאָגט, „אין אַלע איהרע צייטען געווען א גרויסע קולטורעלע אינסטיטוציאָן, וואו א גרויסער טהייל פון אונזערע גרעסטע וואָרטפיהרער און שריפטשטעלער זיינען אויסגעוואַקסען“. די „צוקונפט“ „איז געווען און איז די גייסטיגע סביבה און אטמאָספערע, וואו פיעלע פון אונזערע מענער, וועלכע זיינען שוין היינט געוואָרען פּאָפּולער און בעוואוסט צווישען אַנדערע פעלקער, האָבען בעקומען זייער יניקה“*). א קלייניגקייט, אויסצוגעפינען „די גרעסטע וואָרטפיהרער און שריפטשטעלער“ און די פיעלע פּאָפּולערע מענער, וועלכע „די צוקונפט“ האָט אויסגעהאָדעוועט פאַר די אומות העולם!

דער רעדאַקטאָר פון „פנקס“, דער בעקאַנטער קריטיקער ש. ניגער, האָט בעשלאָסען צו ווידמען א קאַפּיטעל פון „פנקס“ צו איהר צוואַנציג־יעהריגען יובילייִ.

דער אמת מוז געזאָגט ווערען באַלד: מיט דער גרעסטער פלייסיגקייט און מיה וואָלט דער רעדאַקטאָר פון „פנקס“ ניט געווען געקענט אויסקלייבען א מאַן, וואָס זאָל זיין מעהר אונפּאַסענד פאַר דער אַרבייט ווי געג. מילך.

דאָס זעהן מיר שוין גלייך פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע, וואָס מילך שטעלט פאָר אין זיין אַרטיקעל. לעזענדיג מילך׳ס היסטאָרישען הינטערגרונד בעפאָר די „צוקונפט“ איז ערשיענען, קען מען מיינען, אַז אונזערע עלטערע ברידער האָבען ווירקליך געלעבט אין א וועלט פון גאָלע אידעאַלען. שוין אין די אַכטציגער יאָהרען, קומט אויס לויט אונזער קולטור־היסטאָריקער, איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט — און דאָס הייסט, לויט מילך׳ן, די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג אין אַמעריקאַ — געווען „אָרגאַניזירט אין פּאַך־פעראיינען און אַלע פעראיינען פערבונדען אין איין גרויסען פעראיין“. א שטייגער ווי פיעל פעראיינען זיינען דאַן געווען, און וויפיעל מיטגליעדער האָט דער „גרויסער פעראיין“ געהאַט, וועגען דעם שווייגט דער פסוק. אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. דער עיקר איז, וואָס מילך האָט אויסגעפונען, אַז „כמעט אַלע אידישע אימיגראַנטען זיינען געוואָרען סאָציאַליסטען“. עס איז נאָך א גליק, וואָס עס איז געווען בלויז „כמעט“ אַלע אידישע אימיגראַנטען.

דער „כמעט“ האָט אפּנים מילך׳ן בעאונרוהיגט און ער פערענטפערט זיך באַלד, אַז ער האָט גאָר ניט געמיינט וואָס ער האָט געזאָגט. ער פערענטפערט זיך, אַז ער האָט גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין: מען דאַרף דאָס אָבער „ניט נעהמען צו־שטרענג“, ווייל

*) זעה „צוקונפט“, „רעדאַקציאָנעלע נאָטיצען“, דעצעמבער, 1911.

אויסער סאָציאַליסטען און אידעאַליסטען זיינען געווען א גרויסע צאָהל בטלנים, קריכער, קאַריערגיסטען, פּאָליטישענס, פּעדלער — און מילך רעכענט אַזוי אויס אַלע קלאַסען, ביז ער ברענגט אַרויס א שענדליכע רכילות אויף דעם אידישען אימיגראַנט אין אַמעריקאַ.

רעדענדיג וועגען די פּעדלער און קרעמער, זאָגט ער:

„פון זיי זיינען דאָס געוואָרען די שוויץ־מייסטער, וואָס האָבען איינגעפיהרט די שוויץ־סיסטעם, וואָס דורך איהר האָבען זיי אַזוי אומברחמנות׳דיג אויסגענאָגט די אָרימע, הילפלאָזע, נייע אימיגראַנטען“

וואָס פאַר א אונפעראַנטוואָרטליכע, וואָס פאַר א שענדליכע רכילות! וואָלט אונזער היסטאָריקער אַזוי לייכט ניט נאָכגעפּלאַפּעלט אַלערליי באָבע־מעשיות, וואָלט ער זיך גענומען די מיה אויסצוגעפינען דעם אמת, וואָלט ער געוואוסט, אַז די „שוויץ־סיסטעם“ איז בשום אופן ניט איינגעפיהרט געוואָרען פון די אידישע אימיגראַנטען: די „שוויץ־סיסטעם“ איז איינגעוואָרצעלט געוואָרען מיט א האַלבען יאָהרהונדערט בעפאָר די אידישע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען. דער „רעפּאָרט איבער פרויען און קינדער לוין־אַרבייטער אין די פעראייניגטע שטאַאַטען“, וועלכער איז צוריק מיט איניגע יאָהר פערעפענטליכט געוואָרען פון דער „יונייטעד סטייטס ביוראָ אָוו לייבאָר“, צייגט, אַז די שוויץ־סיסטעם איז שוין געווען פערשפּרייט צווישען די קליידער־אַרבייטער אין 1830*).

און זיין ענגע פּאַרטייאישקייט זעהט זיך אַרויס באַלד, אויף דער צווייטער זייט פון זיין אַרטיקעל, ווען ער דערמאָנט די אַנאַרכיסטישע „פרייע אַרבייטער שטימע“ און טהיילט איהר באַלד איין מיט אַן אַטעסטאַט, אַז זי האָט „רעפּרעזענטירט די ערגערע, די ערגסטע זייט פון דעם בעפרייאונגס־געדאַנק — זי איז געווען אַנאַרכיסטיש, ווילד־אַנאַרכיסטיש“.

ווייטער רעדט ער, אַז די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג „האָט תמיד אָפּערירט מיט קאַנקרעטע דיגע פראַזען און פלאַצענדיגע באָמבעס“.

וואָס פאַר א וואונדערבאַרע טאָלעראַנץ ווייזט דאָ אַרויס אונזער קולטור־היסטאָריקער צו פרעמדע אידעען! דער שרייבער פון דיזע שורות איז אַליין אויך א סאָציאַל־דעמאָקראַט. זיינע סימפּאַטהיען זיינען נאַטירליך מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אין היץ פון קאַמפּף, פערשטעהט זיך, קענען זיך אַמאָל אַרויסכאַפּען ניט־קאָרעקטע אויסדריקע. ווי אָבער פּאַסט דאָ אַזאַ סאָרט מאָרדע־רייבעריי אין א קולטור־היסטאָרישען אַרטיקעל?

*) זעה אויך דר. י. א. הורוויטש׳ס בוך „אימיגראַציאָן און אַרבייט“.

און ער פאַלט ווידער און ווידער אָן אויף דער „פּ. א. ש.“. ווער ווייס, אפשר איז דאָס גאָר א פּערזענליכער חשבון. אַז מילך איז ניט פריי פון אַזעלכע חשבונות זעהט מען ערשט נאָך דעם ווי ער קומט צו ז י י נ ע גענאָסען, צו די כאַציאַליסטען. צווישען די לעצטע זיינען פאַראַן איינינגע שרייבער, מיט וועלכע מילך איז זעהר ניט בעפריינדעט. דאַרף מען זיי א שנעל טהאָן אין נאָז, דאַרף מען זייערע נעמען פערשרייבען לגנאי אין דעם „פּנקס“, און זאָל דאָס בלייבען אויף דור דורות.

אַזוי שנעל ווי מילך פטור'ט אָב די „פרייע אַרבייטער שטימע“. ווערט ער בעגייסטערט פאַר דער „אַרבייטער צייטונג“ — „די איינציגע צייטונג, וואָס איז געוועזן געזונד אין אַלע פּרטים“. דאַרף מען נאָך האָבען א בעסערען אַטעסטאַט? האָט אָבער אין יענער צייטונג געשריעבען א „פּראָלעטאַרישקער“, און גראַדע איז ער ניט פון מילך'ס פריינד, כאַפּט דער „פּראָלעטאַרישקער“ דעם ערשטען בוכצע פון מילך'ן. א פּאָאר שטורכעס קריעגט אויך אַזוי, מיר־ניט דיר־ניט, אב. קאַהאַן. ער פיהרט בדאי אריין אָן „אגב אורחא“ צו דערצעהלען, אַז קאַהאַן האָט זיך אמאָל „אָנגעהויבען צו רעכענען פאַר א בעלעטריסט, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געוואָרען“. מאָרים הילקוויט קריעגט אָן אַטעסטאַט, אַז ער איז „שטענדיג געוועזן אויבערפלעכליך“. פערקעהרט, וואו נור מילך קען, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף ניט, לויבט ער אַריין זיינע פריינד, איגנאָרירענדיג אַנדערע, פון די וויכטיגסטע מיטאַרבייטער פון דער „צוקונפט“. ווינטשעווסקי איז ניט נור געוועזן א שטענדיגער זעהר געווינשטער מיטאַרבייטער פון דעם זשורנאַל — ער איז אויך געוועזן צוויי מאָל זיין רעדאַקטאָר; יאָהרען לאַנג איז ער געוועזן זיין רעדאַקטאָר, און ניט בלויז עטליכע מאָנאַט, ווי מילך איז געוועזן. ווינטשעווסקי'ס נאָמען דערמאָהנט אָבער מילך נור פערבייגעהענדיג, צוזאַמען מיט די עשרת בני המן.

עס קען איינעם וואונדערן ווי אַזוי גענ. מילך האָט אויף זיך גענומען אַזאַ אַרבייט. שוין צוליעב זיין פאַרטייאישקייט אַליין איז מילך דורכאויס ניט די פּאַסענדע פּערזאָן צו בעטראַכטען די פראַגע אָביעקטיוו, אָהן פּאָראורטיילע, אָהן פערזענליכע חשבונות.

עס קען זיין, אַז טאַקע צוליעב דעם האָט ער אויף זיך גענומען די אַרבייט, ווייל ער האָט ריכטיג ניט בעגריפען די שוועריגקייט און פעראַנטוואָרטליכקייט פון זיין אויפגאַבע. די „גייסטיגע סביבה“ פון דער „צוקונפט“ און די „יניקה“ וואָס מען האָט בעקומען פון דער „צוקונפט“ האָבען, פערשטעהט זיך, ניט אַרויסגעבראַכט קיין שרייבער אָדער וויכטיגע פּערזאָן, וואָס איז געוואָרען „פּאָפּולער און בעוואוסט צווישען אַנדערע פעלקער“. די „צוקונפט“,

אַזוי אויך די אַנדערע אידישע צייטונגען האָבען ענטוויקעלט איינינגע בעלעטריסטען און פּאָעטען. די מעהרסטע פובליציסטען אָבער האָבען בעקומען זייער „יניקה“ פון די רוסישע אָדער ענגלישע שפּראַכען. בלויז איינינגע, צו וועלכע עס בעלאַנגט אויך יעקב מילך, זיינען אויסגעוואַקסען אויף די פּאָפּולערע אַרטיקלען פון די אידישע צייטונגען און זשורנאַלען. און די איינינגע האָבען צו דעם דילעטאַנטיזם, וואָס הערשט בכלל אין אונזער זשורנאַליסטיק, צוגעגעבען נאָך א היבשע מאָס חוצפּה און גדלות. עס איז דער אַלטער כלל: איסתרא בלגינא קיש קיש קריא (א מטבע אין א פוסטער כלי מאַכט אָן א רעש).

וועגען זיך אַליין איז גענאָסע יעקב מילך, ווי ער זאָגט, צו בעשיידען צו רעדען. בלויז אין דריי־פיער פלעצער דערמאָהנט ער זיך אַלס „דער שרייבער פון אָט די שורות“ „דער שרייבער פון די צייל ען“, „דעם שרייבער פון דעם אַרטיקעל“, און אויף איין פּלאַץ בעמערקט ער, גלאַט אַזוי אגב אורחא, אַז דער שרייבער פון דעם אַרטיקעל איז געוועזן א לאַנגע צייט איינער פון די הויפּט־מיטאַרבייטער, און אַ געוויסע צייט אויך רעדאַקטאָר פון „צוק.“.

זעהר בעשיידען! אָבער דאָך, פאַר דעם אמת פון דער געשיכטע, פערצייכענט מילך איבער'ן גאַנצען לענג פון זיין אַרטיקעל יעדען קוצו של יוד וואָס איז נור פון זיין פעדער אַרויסגעקומען. אַזוי אויך, צוליעב זיין חוש פאַר אמת, דערוויסען מיר זיך אַזש פון א פוס־נאָטע, אַז ער איז געוועזן דער ערשטער אין אַמעריקאַ, וואָס האָט ענטדעקט פּרץ'ן און האָט „אויף פּרץ'ן אויפמערקזאַם געמאַכט און געראַטען איהם איינצולאַדען“. זיין ענוות האַלט איהם אויך ניט אָב צו מאַכען דעם איינדרוק אויף די לעזער פון יענער זייט ים, אַז ער איז זעהר א וויכטיגע פּערזענליכקייט אין דער אידישער ליטעראַטור, אַז ער איז איינפאַך דער זייל פון דער אידישער ליטעראַטור, אַז אָהן איהם וואָלטען מיר חלילה קיין מאָל ניט עררייכט די שטופע, אויף וועלכער מיר געפינען זיך היינט.

פערשטעהט זיך, אַזעלכעס קען מען שוין ניט לייקענען; דאָס קען מען נור אויסלאַכען.

* * *

מילך האָט געהאַט גוטען מאַטעריאַל פאַר זיין אַרבייט. דאָס איז שוין אָבער אימער זיין טבע: ער פאַנגט אָן פון „בראשית“, ער פערשפּרייט זיך וועגען זייטיגע און אונוויכטיגע בעמערקונגען און ערקלערונגען. און ווען עס קומט צום תוך, דעם ריכטיגען ענין — געהען אויס די ליכט. מילך האָט פערנומען מעהר ווי עלף גרויסע זייטען פון דעם „פּנקס“ מיט א בעשרייבונג פון דער צייט „בעפאָר דעם מבול“. די „צוקונפט“, די אויפגעלעבטע „צוקונפט“, וועל-

כע ערשיינט זייט 1902, און מיט וועלכער דער
ליטעראטור און שפראך פאָרשער דארף זיך ווירק־
ליך רעכענען, פערנעהמט קוים צוויי זייטען.

און דורך דיעזע צוויי זייטען געהט דורך,
ווי א רויטער שטריך, מילך׳ס בעהויפּטונג, אז
פון 1902 ביז 1912 איז די „צוקונפט“ געווען
א „בעשטענדיגער פּראָטעסט געגען דעם טעגלי־
כען „פאָרווערטס“, און אז פון דיעזען פּראָטעסט
האט די „צוקונפט“ געליטען פינאנציעל, און
דער „פאָרווערטס“ — מאָראליש.

אונזער היסטאָריקער האט זיך ניט גענומען
די מיה צו בעווייזען זיינע בעהויפטונגען. ער
ברענגט א פּאָאר ציטאטען פון גענ. ליעסין׳ס
פּראָגראם־ארטיקעל אין דעם ערשטען נומער פון
דער צוריק אויפגעלעבטער „צוקונפט“ (יאנואר
1902) און מאכט זיינע פירושים און דאן דער
צעהלט ער וועגען דעם זיבעציג־יעהריגען גענאָסע
נעטטער און זיין וויכטיגקייט פיר דער „צו־
קונפט“. אין וואס האט זיך אָבער אויסגעדריקט
דער „בעשטענדיגער פּראָטעסט“ פון דער „צו־
קונפט“ געגען דעם טעגליכען „פאָרווערטס“?
איך זוך די פּראָטעסט־ארטיקלען אין דער „צו־
קונפט“ — פיעלייכט האט זיי גענאָסע מילך אויך
געזוכט און, פונקט ווי איך, זיי ניט געפונען.

דער שרייבער פון דיעזע שורות, — צו גע־
ברויכען מילך׳ס אן אויסדרוק, — איז געווען א
שטענדיגער מיטארבייטער פון דער „צוקונפט“
זייט 1904. ער איז אויך געווען איינינע מאָל
א מיט־רעדאקטאָר פון דעם זשורנאל. דער
שרייבער פון דיעזע שורות, פונקט ווי דער
שרייבער פון „יענע“ שורות אין דעם „פנקס“,
האט געהאט א גוטע געלעגענהייט צו וויסען דעם
אינערליכען גייסט פון דער רעדאקציאָן פון דער
„צוקונפט“. דער שרייבער פון דיעזע שורות,
פונקט ווי דער שרייבער פון יענע שורות, איז
אויך געווען א מיטגליעד פון דער „צוקונפט
פרעס פעדעריישאָן“, דאס הייסט, איינער פון
די בעלי־בתים, איינער פון די ארויסגעבער
פון דער „צוקונפט“. ער איז אפילו געווען א
מיטגליעד פון דער עקזעקוטיוו פון דער „צו־
קונפט“. ער האט אלזאָ אויסער דעם רעדאק־
ציאָנעלען גייסט אויך געקענט דעם גייסט פון
די ארויסגעבער פון דער „צוקונפט“. און עס
בלייבט א רעטעניש, פון וואנען מילך האט
געשעפּט זיין אינפאָרמאציאָן, אז די „צו־
קונפט“ איז געווען א „בעשטענדיגער פּראָ־
טעסט קעגען דעם טעגליכען פאָרווערטס“.

ווען און וואו איז די „צוקונפט“ ארויס
מיט אן אָפענעם „פּראָטעסט“ געגען דעם
„פאָרווערטס“? ווען און וואו האט די „צו־
קונפט“ אויפגעהויבען איהר „מאָראלישע“ שטי־
מע געגען דעם „פאָרווערטס“? הינטער די
קוליסען, ביי א געשעפטס־פערזאמלונג פון דער
„צוקונפט פרעס פעדעריישאָן“, פלעגט וועג־
ניט־ווען א גענאָסע אָנפאלען אויף׳ן „פאָר־
ווערטס“, ווי אויף א רייכען קרוב, פאר וואס
ער פאָרדערט געלט פאר אנאָנסען פון דער
„צוקונפט“. דער אלטער גענאָסע נעטטער
פלעגט אמאָל האָבען טענות, אז דער „פאָר־
ווערטס“ אונטערדריקט די „צוקונפט“ דער־
מיט וואס ער וויל ביי איהר געלט פאר אנאָנ־
סען און וואס ער שרייבט ניט קיין רעצענזיעס
איבער דער „צוקונפט“. וואָלט דער „פאָר.“ גע־
ווען גוט צו דער „צוק.“, וואָלט ער ביי איהר פאר
אנאָנסען קיין געלט ניט געפאָדערט, וואָלט קיין
„בעשטענדיגער פּראָטעסט“ ניט געהערט זיך
אפילו אויף די געשעפטס־פערזאמלונגען פון דער־
פרעס פעדעריישאָן. היינט צו וואס זשע האט
דער היסטאָריקער בעדארפט מאכען אויף דעם
לעזער דעם פאלשען איינדרוק, אז די „צו־
קונפט“ האט אימער פון דעם ערשטען טאָג אָן
געהאלטען איהרע קאנאָנען אָפען אויף דעם
„פאָרווערטס“?

א כאראקטעריסטישע קליינינקייט: מילך
ברענגט א קורצען אויסצוג פון דעם פּראָגראם־
ארטיקעל וואס א. ליעסין האט געשריעבען פאר
דעם ערשטען נומער פון דער אויפגעלעבטער
„צוקונפט“ אין 1902. ער מאכט דאן ליע־
סין׳ען פאר זיין עדות, ערשטענס, אז די
פּראָגראם האט „מיט שארפע ווערטער פעראור־
טיילט די מחלוקות און דעם גרינדען“ פון דעם
טעגליכען „פאָרווערטס“, און צווייטענס, אז
די „צוקונפט“ איז געגרינדעט געוואָרען אלס
„פּראָטעסט“ געגען דעם „פאָרווערטס“. און
דערביי מאכט אונזער „היסטאָריקער“ א גאנץ
בייזוויליגע, — אָדער, זאָלען מיר זאָגען, אונ־
עהרליכע — בעמערקונג, אז כאָטש ליעסין האט
אליין „פעראורטיילט דעם גרינדען“ פון דעם
„פאָרווערטס“, איז ער אָבער די גאנצע צייט
געשטאנען מיט דער צייטונג. דאס הייסט,
מילך ווארפט ארויף א חשד אויף ליעסין׳ען, אז
ער איז געשטאנען מיט דעם „פאָרווערטס“ גע־
גען זיין געוויסען. מילא, דיעזען חשד לאָזען
מיר איבער פאר מילך׳ס אייגענעם געוויסען.
ווער עס איז בעקאנט מיט ליעסין׳ס ליטעראַרי־
שער טהעטיגקייט פאר א פּאָאר צעהנדליג יאָהר
וויים, אז מען האט ליעסין׳ס פעדער קיינמאָל
ניט געקענט קויפען „ניט מיט געלט און ניט
מיט ליעבע“, ווי די ענגלישע זאָגען.

דער אמת איז, אז דאן, אין יאנואר 1902,
ווען די „צוקונפט“ האט צוריק אויפגעלעבט,
איז נאָך דער „פאָרווערטס“ געווען זעהר ארים.
צי אָרים, צי ניט, ליעסין האט אָבער אונטער די
ערגסטע אומשטענדען קיין מאָל אין קיין אנ־
דער צייטונג ניט געשריעבען. פערשטעהט זיך,
דער לעזער אין רוסלאנד קען דאס ניט וויסען.
און אָט אויף דעם ספּעקולירט מילך. אין רוס־
לאנד ווייס מען נור, אז דער „פאָרווערטס“ איז
זעהר א רייכע צייטונג, און וואס קען מען דיינ־
קען פון א שרייבער, וואס „פעראורטיילט מיט
שארפע ווערטער“ דעם „פאָרווערטס“ און
בלייבט דאָך שטעהן מיט דער צייטונג?

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז מילך'ס גאַנצע מעשה, זיך איידעל אויסגעדריקט, איז גאָר ניט וואהר. מילך ברייננגט ליעסין'ס פּראָגראַם אַלס עדות, אַז די „צוקונפט“ איז בעשאַפען געוואָרען, אַלס „פּראָטעסט“ געגען דעם „פאָרווערטס“. מיר האַלטען איצט פאַר זיך ליעסין'ס פּראָגראַם־אַרטיקעל און מיר לעזען: ....„די טעגליכע פּרעסע איז, אָהן צווייפעל, איינער פון די מעכטיגסטע מיטלען פאַר אגיטאַציאָן. אָהן אַזאַ פּרעסע איז זיך שווער פאָרצושטעלען אַן ערנסטע בעוועגונג. דיעזע פּרעסע קען אָבער ניט זיין *די איינציגע און אויסשליסליכע פאָרמע* פון ערנסטער שריפטליכער פּראפּאַגאַנדא“.

די פּראָגראַם רעכענט דאַן אויס אַלע טעמים, פאַר וואָס אַ טעגליכע צייטונג קען ניט זיין די „איינציגע און אויסשליסליכע פאָרמע“ פון פּראפּאַגאַנדא, און קומט צום שלוס, אַז — „אַ צייטונג און אַ זשורנאַל זיינען ביידע צוגלייך אַ גרויסע נויטווענדיגקייט אין דער בעוועגונג... אַ צייטונג קען מאַכען פּראָפּאַגאַנדא, אַ זשורנאַל — פּראָפּאַגאַנדיסטען“.

וואו איז דאָ דער גייסט פון „בעשטענדיגען פּראָטעסט“ קעגען דעם טעגליכען „פאָרווערטס“ ?

און וויפיעל פּראָטעסט ארטיקלען האָט מילך זעלבסט געלאָזט דרוקען געגען „פאָרווערטס“ ? וואו איז געווען אין די עטליכע מאָנאַטען אונטער זיין רעדאַקציאָן דער „בעשטענדיגער פּראָטעסט“ קעגען דעם טעגליכען „פאָרווערטס“ ? מילך ווייס, ער מוז וויסען, אַז בלויז איין־איינציג מאָל איז די „צוקונפט“ ארויסגעטרעטען מיט אַ „פּראָטעסט“ געגען דעם „פאָרווערטס“ — און דאָס איז געווען דאַן, ווען דער „פאָרווערטס“ האָט געפייערט דעם ערשטען שאָס. עס איז כדאי פיעלייכט צו דערמאַנען אונזער היסטאָריקער אַ פּאָר איינצעלהייטען וועגען דיעזען „מיאטעזש“ פון דער „צוקונפט“, — פיעלייכט וועט ער אַמאָל רעווידירען זיין קולטור־היסטאָרישע אבהאנדלונג. אויב ניט — וועט אפשר דער צווייטער „פנקס“ מאַכען אַן אייגענע בעמערקונג לשם אמת.

* * *

מיר האָבען שוין אויבען דערמאַנט דעם אַרטיקעל אין דעם יאַנואַר נומער „צוקונפט“ 1912, אין וועלכען דער דאַמאָלסדיגער רעדאַקטאָר האָט פאַר שמחה פון דעם צוואַנציג־יעהריגען יובילעאום פון דער „צוקונפט“ אַזוי שטאָלצירט מיט די מיטאַרבייטער וואָס זיינען „אַליין“ די „וואָרט־פיהרער פון *יעדען* נייעם געדאַנק, פון *יעדער* נייער שטרעבונג“. דער „פאָרווערטס“ האָט אָבגעדרוקט אַן אַרטיקעל און אָבגעלאַכט פון דער רעדאַקציאָן פון „צוקונפט“. די „צוקונפט“ האָט דאַן אין דעם פעברואַר נומער געענטפערט — צום ערשטען מאָל — מיט אַ פּראָטעסט געגען דעם „פאָרוו.“, אָדער, ריכטיגער, געגען גענ. אב. קאַהאַן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין יאַנואַר נומער „צוק.“, האָט דר. קאַספּע, דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער נייער „צוק.“ און אין 1912 איינער פון דעם רעדאַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער „צוק.“, געדרוקט זיין אַרטיקעל „אונזער צוקונפט און אונזער פאָרווערטס“. ער האָט קיין איין וואָרט, קיין איין אות ניט דערמאַנט געגען „פאָרווערטס“. אַפילו זעלבסט אונזער היסטאָריקער מילך האָט אין זיין אַרטיקעל „די געבורט פון דער „צוקונפט“ און איהר בעדייטונג“ קיין אנצוהערעניש ניט געגעבען, אַז די נייע „צוקונפט“ איז געבאָרען געוואָרען מיט אַ מיסיאָן אַלס פּראָטעסט געגען דעם „פאָרווערטס“. ערשט אין דעם פעברואַר נומער, נאָך דעם ווי דער „פאָרווערטס“ האָט אָבגעלאַכט פון די „וואָרט־פיהרער“ פון דער „צוקונפט“, האָט די רעדאַקציאָן אויסגעפונען, אַז עס איז איהר פפליכט צו „קעמפפען“ געגען דער שעדליכער מאַכט פון „פאָרווערטס“.

און אין זעלבען נומער זאָגט קאַספּע עדות, אַז די „צוקונפט“ איז אימער געשטאַנען פעסט מיט'ן פאָרווערטס“ און די „פאָרווערטסיסטען“ זיינען „אימער געשטאַנען בערייט צו העלפען דעם זשורנאַל *מיט זייער גאַנצען האַרצען*, ווען עס איז געווען אַ פראַגע פון זיין עקזיסטענץ“.

אַלזאָ, ערשט אין פעברואַר 1912, ווען דער „פאָרווערטס“ האָט זיי אָנגעגריפען, האָבען די רעדאַקטערע פון דער „צוקונפט“ אויסגעפונען, אַז דער „פאָרווערטס“ איז אַ ימח שמו'ניק און מיט אַ הייליגער שבועה לאָזען זיי דאַן וויסען, אַז „עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפגענומען ווערען דער קאַמפף געגען דיזען דעמאָראַליזירענדען גייסט, וואָס דער „פאָרווערטס“ האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג“. די לופט איז געוואָרען פול מיט פולווער. די אידישע קאַפּע־הייזער האָבען אויפגעלעבט. דר. זשיטלאַווסקי האָט די נייע „קעמפּפער“ געשיקט אַ הייסען יישר כח.

דאָס איז געווען אין פעברואַר. דער עולם האָט געוואַרט אויף דעם „קאַמפף“ מיט אונגעדולד. דער מערץ נומער „צוקונפט“ איז ערשיענען מיט — קיין וואָרט וועגען „דעמאָראַליזירענדען גייסט“ פון „פאָרווערטס“, און אין אַפּריל נומער איז געווען אבגעדרוקט אַ בעדויערונגס רעזאָלוציאָן פון די בעלי־בתים און ארויסגעבער פון דער „צוקונפט“ דערפאַר וואָס „די צוקונפט איז אויף דעם טאַקטלאָזיגסטען אופן פון דער קאָמיטע אַריינגעשלעפט געוואָרען אין אַ מחלוקה, וועלכע איז אונגערעכט, אונסאָציאַליסטיש און ניט פּרינציפּיעל“.

און מילך שרייבט פאַר רוסלאַנד, פאַר אַן עולם וואָס האָט ניט די מעגליכקייט צו וויסען

דעם אמת, אז „פון יאָהר 1902 ביז 1912 איז די „צוקונפט" געווען א בעשטענדיגער פּראָטעסט געגען דעם טעגליכען „פאָרווערטס" ! ווירקליך, הרוצה לשקר ירחק את עדותו !

עס איז כדי צו וויסען נאָך א פּאָאָר קליי־ניקייטען וועגען מילך'ס מעטהאָדע צו שרייבען געשיכטע און אבשעצען פאקטען. ער רעדט, צום ביישפּיעל, וועגען דעם איינפלוס פון דער „צוקונפט". דער „פאָרווערטס", זאָגט ער, „איז געוואָרען וואָס אמאָל רייכער, די „צוקונפט" — איינפלוסרייכער". דאָס איז אזא האמבאג וואָס מען קען זיך ערלויבען צו שרייבען בלויז פאר רוסלאנד. און וואָס איז בעשטאנען די „איינפלוסרייכקייט" פון דאמאלסדיגער „צוקונפט" ? וועלכע גרויסע בעוועגונגען, וועלכע גרויסע אינסטיטוציאָן האָט זי געקענט בעאיינפלוסען ? וועלכען גרויסען סטרייק האָט די „צוקונפט" געהאָלפען ? די „צוקונפט" האָט אַלע איהרע יאָהרען געמוזט אָנקומען צו פרעמדע לאסקעס, בעזאָנדערס צום „ארבייטער רינג", וועלכער האָט א לאנגע צייט געצוואונגען די מיטגליעדער צו קויפען (אָבער ניט צו לעזען) די צוקונפט. ניט נור האָט די „צוקונפט" ניט געהאַט קיין איינפלוס אויף דעם געזעלשאפטליכען לעבען, — אפילו צווישען די סאָציאליסטען האָט זי ניט געהאַט קיין „שטעלונג". די „צוקונפט" האָט געהאַט בלויז וויניגע, זעהר וויניגע, געצעהלטע פריינד. קיין טהעאָטער אונטערנעהמונג פון דער „צוקונפט" איז ניט געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג, ווערענד אונזערע וועכענטליכע און מאָנאַטליכע צייטונגען ציהען זייער הויפּט חיונה פון פערשיעדענע טהעאַטער און אנדערע אונטערנעהמונגען. דאָס איז וואַרשיינליך געווען דער רעזולטאַט פון דער „איינפלוסרייכקייט" פון דער „צוקונפט". עס איז אפנים געווען דיעזע „איינפלוסרייכקייט" וואָס האָט אזוי אויסגעצעהרט די „צוקונפט", אז דער „פאָרווערטס" האָט זי געמוזט ראַטעווען פון באַנקראָט.

* * *

נאָך א קליינער כאראקטעריסטישער שטריך. מילך שרייבט : אין יאנואר (1913) האָט דער „פאָרווערטס", וועלכער האָט שוין געהאַט איבערגענומען די איינפלוסרייכע „צוקונפט" (דער גוי איז טריף, דער גראָשען איז כשר), „ארונטערגעזעצט דעם רעדאקציאָנס־קאָמיטעט מיט זיין אויספיהרענדען רעדאקטאָר ש. א. זאַקס און האָט ארויפגעזעצט על כסא הרעדאקטאָר א. ליעסין". ווי געפעלט אייך דער „פערברעכען" פון דיעזען בייט פאר דער אידישער ליטעראטור ! און אויסערדעם, יעדעם וואָרט אין דיעזע עטליכע שורות איז געשריעבען געוואָרען מיט דעם צוועק צו מאַכען א פאלשען איינדרוק אויף דעם אונשולדיגען לעזער. עס קומט אויס, אז דער „רעדאקציאָנס־קאָמיטעט" איז געווען עפּעס א הייליגע זאַך, א מין רוסישער סינאָד, און אז דער „פאָרווערטס" איז עפּעס א באָד־איינגעל, אָדער א סאמאוואָלעין. דער „רעדאקציאָנס קאָמיטעט מיט זיין אויספיהרענדען רעדאקטאָר" פלעגען ערוועהלט ווערען פון דער „צוקונפט פרעס פעדעריישאָן", פון וועלכער די מעהרסטע זיינען אויך געווען מיטגלידער פון דעם „פאָרווערטס". א. ליעסין איז ניט „ארויפגעזעצט" געוואָרען, — ער איז ערוועהלט געוואָרען פון דער „פאָרווערטס פרעס אסאָציאיישאָן". די „צוקונפט" האָט געהאַט ביי פופציג מיטגליעדער, דער „פאָרווערטס" האָט ארום צוויי הונדערט. צו וואָס דער העכסט אונאנשטענדיגער טאָן ? צו וואָס מיסרעפּרעזענטירען א געגנער ?

מיר ווילען דאָ נאָך אנצייגען אויף נאָך א פונקט און זעהר א וויכטיגען פונקט : ווער איז דאָס געווען דער „צוקונפטס" רעדאקציאָנס־קאָמיטעט, וועלכען דער „פאָרווערטס" האָט אזוי בייזוויליג „ארונטערגעזעצט" ? דאָס זיינען געווען גענ. העלד, דער הויפּט־פּערוואלטער פון „פאָרווערטס" ; גענ. פייגענבוים, דער אסיסטענט רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס", גענ. וולאדעק, א שרייבער אין „פאָרווערטס". דאָס איז געווען די מעהרצאהל פון קאָמיטעט. די איבריגע צוויי זיינען געווען : די גענאָסען קאספּע און ארטמאן, אויך מיטגליעדער פון „פאָרווערטס־אסאָסיאיישאָן". אויב דער „פאָרווערטס" איז דאָ אויסען געווען שלעכטס, איז נור זיך אליין, אזוי ווי גאגאלס אונטער־אָפיצערשע, זיך אליין אָבצושמייסען.

מילך האָט דאָ פון יעדען שטאנדפונקט געזוכט צו מאכען א פאלשען איינדרוק, ספּעקולירענדיג אויף דעם, וואָס דער לעזער אין רוסלאנד איז ווייט און אונבעקאנט ניט מיט'ן ענין און ניט מיט די פּערזאָנען.

* * *

אונזער היסטאָריקער, וויעדער, פער'מסור'ט דעם איצטיגען רעדאקטאָר פאר די קומענדע דורות. סטייטש, ער האָט אויף דעם שער פון דער „צוקונפט" ארויפגעשטעלט „א פּאָפּולער־וויסענשאפטליכע, ליטעראריש־סאָציאליסטישע מאָנאַט־שריפט". פריהער פלעגט שטעהן „א וויסענשאפטליך סאָציאליסטישע מאָנאַטסשריפט". דאָס וואָלט וויעדער געווען זעהר ניט שעהן, ווען עס וואָלט ניט געווען איינפאך קאָמיש. די נייע רעדאקציאָן האָט צוגעקראָגען ווירקליך גרויסע ליטעראַרישע און וויסענשאפטליכע קרעפטע. און דאָך, האַלט דער איצטיגער רעדאקטאָר דעם זשורנאַל בלויז פאר א „פּאָפּולער־וויסענשאפטליכע" שריפט.

אזא דערוווייטערען זיך פון נארישע פּרעטענזיעס איז אָבער ניט אין גייסט און ניט נאָכ'ן געשמאַק פון מילך'ן. ער קען דאָס בשום אופן ניט פערדייהען. ער האַלט עס גאָר פאר א זאַך, וואָס מען דאַרף דורש לגנאי זיין.

די צוקונפט

Vol. XIX SEPTEMBER, 1914 No. 9

א. ליעסין

די מלחמה און די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע

אינטערנאַציאָנאַליזם און עקעל צו מלחמה הייסט נאָך ניט פיינדשאַפט אָדער אַפילו גלייכגילטיגקייט צו נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

ק. קאוטסקי.

בעת מיר שרייבען דיעזע צייל׳ען, האָבען מיר נאָך ניט קיינע ידיעות פון די סאָציאַליסטען אין רוסלאַנד און אין סערביען. זעהר מאָגער זיינען אויך די ידיעות פון עסטרייך־אונגאַרן. מיר ווייסען אָבער שוין גאַנץ ריכטיג, ווי די סאָציאַליסטען האָבען אויפגענומען דעם וועלט־קריעג אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און בעלגיען — אין די דריי לענדער, וואו די מלחמה האָט אויפגעפלאַקערט אם שרעקליכסטען און וואו די סאָציאַליסטישע בעוועגונג איז אָנגעגאַנגען אם שטאַרקסטען.

בעפאָר דער מלחמה האָבען די סאָציאַליסטען אין די אַלע דריי לענדער געטהאָן אַלץ, וואָס זיי האָבען געקענט, כדי צו פערהיטען די אייראָפּעאישע פעלקער און די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן פון דער מורא׳דיגער קאַטאַסטראָפע. ביז דער לעצטער שטונדע האָבען זיי אָנגעווענדט אַלע זייערע כוחות און אַגיטירט און דעמאָנסטרירט געגען דעם וועלט־קריעג. ווי נור אָבער די אונגליקליכע שטונדע האָט געשלאָגען און דער קריעג איז ערקלערט געוואָרען, האָבען די שלום־דעמאָנסטראַציעס אויפגעהערט, די מעכטיגע אַגיטאַציאָן פאַר פעלקער־פערברידערונג האָט פערשטומט און, צוזאַמען מיט די בורזשואַזע פאַרטייען, האָבען אויך די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פייערליך געלאָזט ווי־סען, אַז די פערטהיידיגונג פון פאָטערלאַנד איז איבער אַלעס. די זעלבע סאָציאַליסטישע פערטרעטער, וואָס האָבען מיט א ווײַלע צוריק ערקלערט די מאַסען פון די אַנדערע פעלקער אַלס ברידער, האָבען איצט געשטימט צו געבען די רעגיערונגען אַלע הוצאות און אַלע מעגליכקייטען דיעזע „ברידער“ מיט פולווער און מיט בליי צו פערניכטען.

אַזוי איז עס פאָרגעקומען סיי אין בעלגיען, סיי אין פראַנקרייך און סיי אין דייטשלאַנד. וואַנדערוועלדע, דער פראָמינענטער פיהרער פון די בעלגישע סאָציאַליסטען, האָט זאָגאַר אָנגענומען דעם אַמט פון א מיניסטער, כדי צו דעמאָנסטרירען פאַר דער וועלט, אַז דער אַרבייטער קלאַס שטעהט אייניג מיט די איבריגע קלאַסען פון בעלגישען פאָלק אויף לעבען און טויט אין דער מלחמה.

אין פראַנקרייך האָט געטהאָן דאָסזעלבע געד, דער פראָמינענטער פיהרער פון די פראַנצויזישע מאַרקסיסטען. אויך געד איז דעמאָנסטראַטיוו געוואָרען א מיניסטער. מיט יאָהרען צוריק איז געד אַרויסגעטראָטען געגען זשאָרעס׳ען, הלמאי דער גרויסער פאָרקעמפּפער פון אַרבייטער קלאַס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דרייפוס׳ען. צו רעטען דורך דעם דרייפוס־קאַמפּף די בורזשואַזע רעפּובליק — דאָס איז ביי געד׳ן געווען א זינד געגען דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַסענבעוואוסטזיין. און איצט ערקלערט געד, אַז ווען ניט זיין הויכער עלטער, וואָלט ער אַליין גענומען א ביקס אויפ׳ן אַקסעל און געגאַנגען שיסען די דייטשען.

דעם שווערסטען, שמערצליכסטען איינדרוק אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָבער געמאַכט די שטעלונג פון די דייטשע סאָציאַליסטען — די 110 סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען, וואָס האָבען געשטימט אין רייכסטאַג פאַר׳ן מלחמה־קרעדיט.

און דאָס איז אויך פערשטענדליך: ווען מען עס איז געגעבען פיעל, פון דעם פאָדערט מען פיעל. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז די גרעסטע און די מעכטיגסטע צווישען אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון אַלע לענ־

דער; זי איז אימער געווען דער שטאָלץ, דער בעגייסטערענדער ביישפּיעל פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און ווען מען פלעגט ריידען וועגען יונקערשען דייטשלאַנד, וועגען מיליטערישען דייטשלאַנד, וועגען די גרויסע געפאַהרען פון ווילהעלם'ס געפאַנצערטען פויסט, דאַן פלעגט מען אויך מוזען ריידען וועגען פּראָלעטאַרישען דייטשלאַנד, וועגען די מיליאָנען אָרגאַניזירטע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועגען די גרויסע האָפנונגען פון פעלקער־פערברידערנדען סאָציאַליזם. די ליכטיגסטע קולטורמאַכט איז זי געווען, די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און מען האָט ערוואַרטעט, אַז אין קריטישען מאָמענט, וועט זי האָבען דעם כוח אַנטקעגען צו שטעלען זיך דער ברוטאַלסטער מיליטער־מאַכט פון ווילהעלם און זיינע יונקערס.

זי האָט אָבער דעם כוח ניט געהאַט — צום גרויסען אונגליק פון דער מענשהייט און פון דער ציוויליזאַציאָן.

* * *

זיינען אָבער ווירקליך די פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַזוי שולדיג, ווי עס דוכט זיך אויס פון אויבען אויף? האָבען זיי ווירקליך פערדיענט די אַלע פּאָרווירפע, וואָס עס שיטען זיך אויף זיי פון אַלע זייטען?

די ענגלישע פרעסע אין אַמעריקאַ איז מיט ווייניגע אויסנאַהמען ענטשיעדען געגען דייטשלאַנד. איין צייטונג האָט דאַביי אָפענהערציג ערקלערט, אַז זי סימפּאַטיזירט מיט ענגלאַנד, ווייל „בלוט איז דיקער פון וואַסער". און דאָס קען מען לעזען צווישען די שורות אויך אין מאַנכע אַנדערע צייטונגען. אמת, דער עכט אַנגלאָ־זאַקסישער שטאַם איז שוין לאַנג בטל בשישים געוואָרען צווישען די קינדער פון די פערשיעדענאַרטיגסטע אומות, וואָס בעפעלקערן די פעראייניגטע שטאַאַטען. דאָך, זיינען די אַנגלאָ־זאַקסען נאָך אַלץ געבליבען די הערשענדע, די טאָן־געבענדע ראַסע אין אונזער רעפּובליק. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ טיעפערע אורזאַכע, פאַר וואָס די אַמעריקאַנער גרויס־בורזשואַזיע, ממילא שוין אויך די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישע פרעסע, וואָלט געוואָלט זעהן דייטשלאַנד אַ צושלאָגענע, אַ חרוב'ע, אַ צושמעטערטע. דאָס איז דיזעלבע אורזאַכע, וואָס האָט געטריבען די ענגלישע גרויס־בורזשואַזיע אויפצונעהמען דעם קריעג געגען דייטשלאַנד. דער דייטשער קאַפּיטאַליסט איז אַ צו ערפאָלגרייכער קאָנקורענט אויפ'ן וועלט־מאַרק ניט בלויז פאַר'ן ענגלישען קאַפּיטאַליסט, נור אויך פאַר'ן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסט. דייטשלאַנד עראָבערט עקאָנאָמיש זיד־אַמעריקאַ, אַזוי ווי זי סטראַשעט פּאָליטיש דער גאַנצער מאָנראָ־דאָקטרין. און עס איז קיין ספק ניט, אַז אין געוויסע איינפלוסרייכע קרייזען וואָלט מען שטאַרק חשק געהאַט אריינצושלעפען אויך אַמעריקאַ אין דעם וועלט־קריעג — אַז אויך אונזער רעפּובליק זאָל צושטעהן צו דעם גאַנצען המון פון פעלקער, וואָס זוכען איצט דייטשלאַנד צו דערענדיגען.

לפנים וועגען ווערט אָבער אָנגעגעבען אַ גאַנץ אַנדער אורזאַכע, הלמאי די היגע פרעסע איז אַזוי פערביסען געגען דייטשלאַנד. עס הייסט, אַז די פרייע אַמעריקאַ דאַרף סימפּאַטיזירען מיט'ן פרייען פראַנקרייך און פרייען ענגלאַנד און ניט מיט די האָהענצאָלערנס און די האַבסבורגס. און מען פערגעסט זיך גאָר אין גאַנצען, אַז הינטער פראַנקרייך און ענגלאַנד שטעהען די ראָמאַנאָווס, וואָס זיינען פיעל געפעהרליכער פאַר דער פרייהייט און פאַר דעם פּראָגרעס פון דער וועלט, איידער די האַבסבורגס און אַפילו די האָהענצאָלערנס.

פערשטעהט זיך, אונזערע לעזער האָבען אין זיך ניט קיין איין טראָפּען אַנגלאָ־זאַקסישען בלוט. זיי זיינען אויך ניט פעראינטערעסירט מיט זייערע קעשענעס, אַז דאָס הויך־ענטוויקעלטע, הויך־ציוויליזירטע דייטשלאַנד זאָל דוקא חרוב און מוחרב ווערען. און וואָס אַנבעלאַנגט די זאָנדערבאַרע סימפּאַטיען צום צאַר פון קישינעוו בלויז נור דערפאַר, וואָס ער האָט איצט אויף זיין דיענסט דאָס פרייע ענגלאַנד און דאָס פרייע פראַנקרייך — וועגען דעם מעגען מיר טרויען דעם אינסטינקט פון יעדען ערשטען בעסטען איד פיעל מעהר, איידער די אַלע טיעפזיניגע וואַהרזאָגערייען פון דער יענקישער פרעסע.

ווער נור, ווי מיר, אידען, האָט עס אַזוי ביטער געפיהלט, וואָס עס בעדייטעט פאַר דער מענשהייט און פאַר דער ציוויליזאַציאָן די זינדיגע פערבינדונג צווישען צאַר און צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד! שוין אַ פּאָאַר צעהנדליג יאָהר, אַז די פראַנצויזישע רעפּובליק ליעגט אין די אַרעמס פון צאַריזם און זינגט „באָזשע צאַריאַ כראַני". איז עפּעס דערפון ליכטיגער געוואָרען אין רוסלאַנד? וואָס האָט מען אין רוסלאַנד געהאַט פון דער פראַנצויזישער פריינדשאַפט, אויסער נור די ביליאָנען דאָלאַר הלוואות פאַר די צאַרען — דעם גאָלדענעם קינזשאַל, ווי זשאָרעס האָט זיך אויסגעדריקט, צו דערשטעכען די רוסישע בעפרייאונגס־בעוועגונג! און דאָסזעלבע איז אויך מיט ענגלאַנד. קיין מאָל האָט די שוואַרצע רעאַקציאָן אַזוי ניט געבושעוועט אין רוסלאַנד, ווי גראַדע די לעצטע יאָהרען, זייט ענגלאַנד האָט געשלאָסען פריינדשאַפט מיט'ן צאַר. רוסלאַנד האָט צוליעב גוט־פריינדשאַפט ניט איבערגענומען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך קיינע פון זייערע פרייהייטס־אידעען. מיר וויסען גראַדע פערקעהרטע ביישפּיעלע. אָט, למשל, אין אַזאַ וויכטיגע צייטונג, ווי די לאָנדאָנער „טיימס", זיינען די לעצטע צייט ערשיענען העכסט אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען,

וואו עס האָבען געקלונגען און געבריאַזגעט אונפערשעמט אין יעדער שורה די רובעלס פון צאַר. און ווי האָבען זיך פערהאַלטען די ענגלישע און די פראַנצויזישע שטאַאטס־מענער צו דער אידישער פּאַספּאָרטען־פראַגע — ווי גלייכגילטיג, ווי אייז־קאַלט צו די מענשליכע רעכטע, צו די רעכטע פון די אייגענע אידישע בירגער, און ווי ציטעריג, ווי הכנעה'דיג, ווי קנעכטיש פאַר'ן צאַר!

און אויב אזוי איז געווען די האַלטונג צו א געשלאָגענעם צאַר, טאָ קען מען זיך פאָרשטעלען, ווי עס וועט שוין זיין נאַכהער די האַלטונג צו א זיעגרייכען צאַר — דאַבי נאָך א צאַר, וואָס וועט זיין זיעגרייך אויפ'ן חשבון פון א צושלאָגענעם, פערוויסטען פראַנקרייך, פון אן אויסגעמאַטערטען, אָבגעשוואַכטען ענגלאַנד. אויב אַפילו דייטשלאַנד זאָל סוף כל סוף בעזיעגט ווערען — דעם שוידערליכסטען פרייז אין בלוט און גוט וועלען דערפאַר צאָהלען הויפּטזעכליך פראַנקרייך און ענגלאַנד. לאַנגע יאָהרען נאָך דעם וועלען זיי ניט קענען צו זיך קומען. און אויב ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלען נאַכהער פּרובען ווענדען זייערע וואַפען געגען פערשטאַרקטען רוסלאַנד, ווי מאַנכע זאָגען נביאות, דאַן קען זיך דאָ ווידערהאָלען דאָסזעלבע, וואָס מיר האָבען ניט לאַנג געזעהן אויף די באַלקאַנען. די הויפּט שווערינקייט פון דער מלחמה געגען טערקיי האָט געטראָגען בולגאַריען. געגען די בולגאַרן זיינען אָנגעווענדט געווען די הויפּט־קרעפטען פון דער טערקישער אַרמעע, און די סערבען און די גריכען האָבען דאַריבער גאַנץ לייכט אָפּגעהאַלטען זייערע נצחונות. בולגאַריען איז אַרויס פון קריעג שרעקליך אָבגעשוואַכט. די סערבען און די גריכען האָבען עס אויסגענוצט און געכאַפּט פון דער בעזיעגטער טערקיי א גרעסערען חלק, ווי זיי האָבען פריהער מיט בולגאַריען אָבגעמאַכט. און ווען די בולגאַרען האָבען זיך געפּרובט שטעלען אַנטקעגען, האָט מען זיי נאָך אַלס צוגאָב גוט צובראָכען די ביינער.

אזוי, צו אזוי, אונזערע לעזער האָבען קיינע אורזאַכען ניט צו לאָזען זיך בעאיינפלוסען פון דער אַמעריקאַנער פרעסע און אויסמאַכען א שטאַרקען „קיים“ געגען דייטשלאַנד און ממילא שוין אויך געגען דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

ווער פון די קעמפּפענדע צדדים האָט דאָ רעכט — דאָס איז א משונה'דיגע פראַגע. „רעכט“ אין די טייכען בלוט, אין דעם מיליאָנען־מאָרד, אין דעם וועלט־חורבן! די אַמעריקאַנער פרעסע זוכט אָבער אַלץ צו בעווייזען, אז דייטשלאַנד'ס שונאים זיינען דורכאויס גערעכט. ווי היציג, צום ביישפּיעל, מען אַפּלאָדירט עס דאָ ענגלאַנד'ס שטעלונג צו דער נייטראַליטעט פון בעלגיען, און וויפיעל צבועצסטווא שטעקט עס אין דיעזע היציגע אַפּלאָדיסמענטען! ענגלאַנד, הייסט עס, האָט ערקלערט די דייטשען קריעג נור צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען דורכגעפיהרט מיליטער דורך בעלגיען, און די ענגלישע מלוכה, וואָס האָט זיך אונטערגעשריעבען צו היטען בעלגיען'ס נייטראַליטעט, האָט עס ניט געקענט דערלאָזען. ביי איהר איז רעכט כאָטש צו וואַרפען זיך אין מלחמה, אבי נור וואָרט צו האַלטען. וואָס פאַר א טרייע וואָרט־האַלטערקע! וואָס פאַר א הייליגע מלחמה! און וואָס איז, לאָמיר זאָגען, וועגען דעם בערלינער טראַקטאַט, וואָס ענגלאַנד האָט אונטערגעשריעבען, נאָך וועלכען רומעניען מוז געבען די אידען גלייכע רעכטע? אין פערלויף פון 35 יאָהר האַלט רומעניען אין איין ברעכען דעם טראַקטאַט — שענדליך, באַרבאַריש ברעכען. האָט דען ענגלאַנד ערקלערט קריעג די רומעניער? האָט דען ענגלאַנד כאָטש געגען דעם פּראָטעסטירט, כאָטש א פּיפּס געטהאָן? און וואָס איז — נאָך איינער פון פיעלע ביישפּיעלע — מכוח פערסיען, וועלכע ענגלאַנד האָט אזוי פעררעטעריש געוואָרפען אונטער'ן קנאַפּעל פון רוסישען קאָזאַק, אונטער'ן מעסער פון רוסישען פּאָגראָמשציק? די פערסישע פרייהייטס־קעמפּפער־פּאַטריאָטען האָבען געשיקט אין ענגלאַנד איין הערצרייסענדען אַפּיל נאָכ'ן צווייטען. האָט דער נאָבעלער הייליגער עדוואַרד גריי ווען צוגעהערט זיך צו זיי, ווען אומגעקוקט זיך אויף זיי?

און ווי ריהרענד האָט מען די לעצטע צייט בעזונגען דעם פראַנצויזישען נקמה־ראָמאַנס וועגען עלזאַס־לאָטערינגען — וועגען די צוויי פּראָווינצען, וואָס די פראַנצויזען האָבען אַמאָל אָפּגענומען ביי די דייטשען און וואָס די דייטשען האָבען פאַר פיער־און־פיערציג יאָהרען צוריק אָפּגענומען ביי די פראַנצויזען. וואָס פאַר טיעפע סימפּאַטיען מען האָט עס גענומען אויסדריקען די בערויבטע פראַנצויזען און די פערוואָגעלטע עלזאַס־לאָטערינגער. און מען האָט זיך דאַבי גאָר פערגעסען, אז מיט איינינע יאָהר צוריק האָבען די וויכטיגסטע פּאַרטייען פון עלזאַס־לאָטערינגען, די קאַטאָליקען, די ליבעראַלען און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אָפיציעל ערקלערט, דאָס זיי האָבען גאָר קיין חשק ניט איבערגעהן צוריק צו פראַנקרייך.

און ווי שטאַרק האָט מען עס דאָ די לעצטע צייט בעדויערט דעם שיקזאַל פון סערביען — פון דער קליינער מלוכה'לע מיט די אַפּעטיטען פון א גרויס־מאַכט. מען האָט בעדויערט, הלמאי עסטרייך האָט פערשפּאַרט פאַר סערביען דעם וועג צום ים. און מען האָט זיך דאַבי פערגעסען, אז אויף דיעזען וועג וואָהנט אן אַנדער נאַציאָנאַליטעט — די אַלבאַנישע. סערביען, צוזאַמען מיט אַנדערע באַלקאַנישע מלוכה'לאך, האָבען געוואָלט די אַלבאַנישע נאַציאָנאַליטעט צוטהיילען צווישען זיך און

איינשלינגען, אַזוי ווי זיי האָבען שוין צוטהיילט צווישען זיך און איינגעשלונגען די מאַצעדאָנישע נאַציאָנאַליטעט.

אַזוי אויך האָט די היגע פּרעסע שטאַרק בעדויערט, הלמאי עסטרייך דערלאָזט ניט סערביען צו בעהערשען באָסניען און הערצעגאָווינא. און מען האָט זיך דאביי פּערגעסען, אַז די סערבען זיינען אין דיעזע פּראָווינצען בלויז אַ מינאָריטעט. און די מעהרסטע דאָרטיגע איינוואָהנער, די קאטוילישע קראָאַטען. און די מאַהמאַדאַנישע באָסניאַקעס, ווילען בשום אופן פון פּראַוואָסלאַוונעם בעלגראַד ניט בעהערשט זיין. די קראָאַטען פּערהאַסען דעם טרוים פון אַ גרויס־סערביען. זיי ציהט צום קאטוילישען אַגראַם, צו דער הויפּט־שטאָדט פון די זיד־סלאַווען פון עסטרייך־אונגאַרן, און זיי טרוימען גאָר פון אַ גרויס־קראָאַטיען.

און ווי פריינדליך מען האָט דאָ אָנגעפאַנגען צו קוקען אויפ׳ן ווילד־רויבערישען רוסישען פּאַנסלאַוויזם. עס קומט גאָר אויס, אַז די האָרדען פון צאַר, אַזוי ווי די אַמאָליגע פראַנצויזישע לעגיאָנען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, טראָגען צו די פערשקלאַפּטע פעלקער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. דער אמת איז דאָך אָבער, אַז קיינע פון די עסטרייכישע סלאַווען, און ניט בלויז די קאטוילישע סלאווען, ווי די פּאָליאַקען, טשעכען, סלאָוואַקען, קראָאַטען, סלאווענען, נור אויך אפילו די פּראַוואָסלאַוונע רוטהענער, וואָלטען בשום אופן ניט געביטען די „פערשקלאַפונג“ אונטער די האַבסבורגס אויף דער „בעפרייאונג“ אונטער די ראָמאַנאָוס.

* * *

מיר וועלען זיך נאָך אומקעהרען צו די אַלע בעריהרטע פראַגען אין אַן אויספיהרליכען אַרטיקעל אין נעקסטען נומער. פּאָרלויפיג האָבען מיר בלויז געוואָלט אנדייטען, אַז די מלחמה פון ענגלאַנד און פון פראַנקרייך איז נאָך גאָר ניט אַזאַ הייליגע, ווי די היגע קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע וויל עס אונז איינדרומלען.

פערשטעהט זיך, די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען געשטימט אין רייכסטאַג פאַר די מלחמה־הוצאות ניט דערפאַר ווייל דער דייטשער צד האָט זיי געשיינט צו זיין דער מעהר־גערעכטער. די דייטשע סאָציאַליסטען, אַזוי ווי די סאָציאַליסטען פון אַנדערע לענדער, זיינען געוועזן אונטער אַלע אומשטענדען געגען מלחמה. מען דערצעהלט, אַז דער דייטשער פרעמיער־מיניסטער האָט בעוויזען די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען געוויסע דאָקומענטען. דאָס האָט זיי נאָך אָבער אַלץ ניט געקענט מאַכען קריעגעריש־מאָרדפּאַטריאָטיש. און זיכער האָבען די סאָציאַליסטען ניט געקענט זיין שטאַרק איינגעגלויבט אין ווילהעלם׳ס פערזיכערונג וועגען זיינע שלום־פערהאַנדלונגען מיט ניקאָלאַי׳ען און אין ווילהעלם׳ס אידעלע שטרעבונגען. אויב מען מעלדעט איצט פון פּעטערבורג, אַז ווילהעלם איז די גאַנצע צייט געווען דער פינסטערסטער בעל יועץ פון ניקאָלאַי׳ען, ווייסען עס די סאָציאַליסטען שוין לאַנג. זיי ווייסען גאַנץ גוט, ווי קלאַסען־בעוואוסט ווילהעלם איז אַלס מאָנאַרך. און אפילו איצט, בעת עס סטראַשעט דייטשלאַנד דער פיעל־געפירכטעטער רוסישער איבערפאַל, וועט ווילהעלם אַלץ נאָך זעהן צו געבען דעם ריכטיגען טויט־קלאַפּ גיכער דער פראַנצויזישער רעפּובליק, איידער די מדינות פון צאַר.

צי גערעכט, צי אונגערעכט, די מלחמה האָט אָבער אויסגעבראָכען. און דאָס אַלעס, וואָס האָט ניט געקענט ווירקען אויף די סאָציאַליסטישע פיהרער, האָט שוין יע געווירקט אויף די גרויסע מאַסען. די קריעגערישע שטימונג האָט, אַזוי ווי אַ ווילדער פייער, ארומגעכאַפּט און אָנגעצונדען דאָס גאַנצע פאָלק. און ווי דאַרפען די סאָציאַליסטען האַנדלען אין אַזאַ מאָמענט — וועגען דעם האָט נאָך קויטסקי מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק געשריעבען פאָלגענדעס :

„עס איז קלאַר איינס, אין דער איצטיגער צייט, ווען דאָס מיליטער־דיענסט איז אַלגעמיין און די קראַפט פון רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט וואַקסט, וועט קיין רעגיערונג ניט ענטשליסען זיך אויפצונעהמען אַ מלחמה, כל זמן איהר וועט ניט געלינגען צו שאַפען אַן אַלגעמיינע קריעגע־רישע בעגייסטערונג אין דער בעפעלקערונג. פון צווייטער זייט, איז צוגלייך קלאַר, אַז עס וואָלט געווען האָפנונגסלאָז, אַז עס וואָלט אַלעס אַוועקגע׳הרג׳עט, אויב מען זאָל שטערען דער רעגיערונג בעת׳ן קריעג דורך מאַסען־טהאַטען, אפילו דורך דעם שטאַרקסטען מיטעל—דורך אַ מאַסען־סטרייק—אין מיטען פון אַ בעפעלקערונג וואָס איז אַרומגעכאַפּט פון אַן אַלגעמיינער קריעגערישער שטימונג.“

אמת, מיט 44 יאָהר צוריק, אין צייט פון פראַנצויזיש־דייטשען קריעג, האָבען זיך געפונען צוויי מענער, וואָס האָבען געהאַט דעם מוטה ניט צו שטימען פאַר די מלחמה־הוצאות. דאָס זיינען געווען בעבעל און ליעבקנעכט. דענסטמאָל האָט אָבער דייטשלאַנד געהאַט געגען זיך בלויז פראַנקרייך. און דייטשלאַנד איז שוין אויך דאַן געווען פיעל גרעסער פון פראַנקרייך — סיי אין צאַהל פון דער בעפעלקערונג, סיי אין צאַהל פון די מיליטער. אַנדערש איז אָבער די לאַגע איצט. דייטשלאַנד האָט געגען זיך כמעט די גאַנצע וועלט. פיעלע און מעכטיגע שונאים פון אַלע זייטען סטראַשען דאָס פאַטערלאַנד צו פערניכטען. און קיין דייטש, קיין דייטשער אַרבייטער, אפילו דער קלאַסענבעוואוסטער, אפילו דער רעוואָלוציאָנערסטער, וועט קיין מאָל ביי זיך ניט פועל׳ן צו בלייבען שטעהן פון ווייטען און גלייכגילטיג צוקוקען, ווי דייטשלאַנד ווערט צושלאָגען, בעזיעגט, בעהערשט פון פרעמדע, און עס ווערען חרוב די דייטשע אינדוסטריען, די

דייטשע קולטור, די גרויסע דייטשע סאָציאַלע
רעפאָרמען, די וואונדערליכע דייטשע אַרביי־
טער־בעוועגונג.

און גראָדע דערפאַר וואָס די דייטשע סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זייט פאַר־פיער־און־
פערציג־יאָהרען געמאַכט אַזעלכע ריעזיגע פאָרט־
שריטע און איז געוואָרען די גרעסטע סאָציאַלי־
סטישע פאַרטיי אין דער וועלט — גראָדע דער־
פאַר טראָגען איהרע פיהרער די גרעסטע פער־
אַנטוואָרטליכקייט; גראָדע דערפאַר האָבען זיי
ניט געטאָרט אָננעהמען אַזאַ זעלבסטמערדערישע
טאַקטיק, וואָס וואָלט די מלחמה אויף קיין אופן
אַליין ניט אָפּגעשטעלט, וואָס וואָלט אָבער די
גרויסע פאַרטיי אויף אַ לאַנגע צייט אַוועקגע־
הרג׳עט — אַ טאַקטיק, וואָס אפילו קיין קלאָ־
סענבעוואוסטער דייטשער אַרבייטער וואָלט ביי
זיך דורכאויס ניט פועל׳ן צו אונטערשטיצען.

* * *

מיר גלויבען, אַז ווען האַרט פאר דער
מלחמה וואָלט שטאַטגעפונען דער אינטערנאַציאָ־
נאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, דאַן וואָלטען
די אַרבייטער פון אַלע לענדער געהאַט געוויסע
דירעקטיוועז, ווי צו האַנדלען אין אַזאַ צייט,
און דער גייסטיגער חורבן אין דער אינטערנאַ־
ציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָלט ניט גע־
ווען אַזוי גרויס. מיר צווייפלען אָבער, אויב
אפילו דער קאָנגרעס וואָלט בכוח געווען פיעלעס
אויפצוטהאָן. די קרעפטען פון דעם פראָ־
לעטאַריאַט זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט גענוג,
ניט גרויס גענוג, אום בייצושטעהן דעם פלעצלי־
כען וואולקאַנישען אויסברוך פון אַזאַ וועלט־
קריעג. און אַזוי. ווי יעדעס פאָלק שטעהט
אין אַזאַ קריעג אין דער גרעסטער סכנה, וואָל־
טען די סאָציאַליסטען פון יעדען פאָלק אַליין נאָך
ניט געקענט האַלטען זיך פיעל אַנדערש, ווי זיי
האָבען זיך איצט געהאַלטען.

„די פערניכטונג פון נאַציאָנאַליטעט איז
אַ חלום און ניט קיין שעהנער חלום“ — האָט
אַמאָל געזאָגט איינער פון די פיהרער פון דער
דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויב מען קען
נאָך דעבאַטירען וועגען דער צווייטער העלפט
פון דעם אפאָריזם, איז אָבער די ערשטע העלפט
אַן אמת, אַ גרויסער לעבענס־אמת, וואָס מען
קען ניט פארבייגעהן, מיט וועלכען מען מוז זיך
נאָכאַנאַנד רעכענען. און דאָס זעהען מיר איצט
מיט אַזאַ שוידערליכער קלאָרהייט אַרויס. ליי־
דער אָבער האָט מען ביז איצט דיעזען אמת
אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַ־
טיע צו פיעל איגנאָרירט. די נאַציאָנאַלע פראַגע
איז ביז איצט געווען בלויז די פראַגע פון די
קליינע אונטערדריקטע נאַציאָנען.

דער וועלט־קריזיס האָט איצט אַרויסגע־
רוקט די נאַציאָנאַלע פראַגען מיט זייער שאַרפ־
סטער זייט אויף פאר די סאָציאַליסטען פון
די גרויסע, הערשענדע נאַציאָנען. דאָס איז אָבער
ניט דער אינטערנאַציאָנאַליזם, נור דער קאָס־
מאָפּאָליטיזם, וואָס האָט דאָ פאָלשטענדיג באַנק־
ראָטירט — דער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז
שוין לאַנג צווישען די סאָציאַליסטען באַנקראָט.
דאָס איז די „פאַטערלאַנדלאָזיגקייט“, מיט וואָס
די הערשענדע קלאַסען שימפּפען די סאָציאַ־
ליסטען. דאָס איז די פּראַזען־בריאה, אָהן אַ
קערפּער, אָהן בלוט און אָהן אַ ממשות, וואָס
האָט אויף דער גאַנצער ווייסער וועלט פון
נאַציאָנען און פאַטערלענדער קיין אָנהאַלט ניט.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַ־
טיע וועט שוין געפינען דעם וועג, ווי צו לעזען
די אַלע שווער־פערוויקעלטע פראַגען און דער
אינטערנאַציאָנאַליזם וועט אַרויסקומען פון דעם
וועלט־קריזיס אַ פערשטאַרקטער. די סאָציאַלי־
סטישע פאַרטייען וועלען איצט אין אַלע לענדער
פּאָפּולער ווערען, און זיי וועלען קענען פיעל
שטאַרקער ווירקען אויף די שלום־פערהאַנד־
לונגען. זיי וועלען האָבען דעם גרויסען וואָרט
ביי דעם זאַק־רויב, און זיי וועלען שוין זעהען,
אַז דער זיעגער זאָל ניט אַריינכאַפּען צו פיעל
און דער בעזיעגטער זאָל ניט בעליידיגט ווע־
רען צופיעל. זיי וועלען שוין זעהן, אַז דער
שלום, וואָס וועט געשלאָסען ווערען, זאָל ניט
טראָגען אין זיך די עקספּלאָדירענדע שטאָפּען פון
נייע מלחמות — אַז דאָס זאָל טאַקע זיין אַ ריכ־
טיגער שלום און ניט אַזאַ ווילדער בעוואַפענ־
טער שלום, אַזאַ דריקענדער שלום־קאַשמאַר, ווי
ער איז געווען פאַר׳ן לעצטען האַלבען יאָהר־
הונדערט.

דאָס וועט איצט זיין די הערליכע אויפ־
גאַבע פון די פּראָלעטאַרישע פאַרטייען אין די
מלחמה־לענדער. פערשטעהט זיך, כל זמן עס
וועט עקזיסטירען די היינטיגע אָרדנונג, וועט
נאָך אַליין אָנגעהן דער קאַמפּף פאר די וועלט־
מערק, און די אַלע געזאַלבטע און ניט געזאַלב־
טע הערשער וועלען נאָך אימער אויסגעפינען גע־
נוג אורזאַכען פאר נייע און נייע מלחמות. די
פּראָלעטאַריער פון פערשיעדענע נאַציאָנען וועלען
אָבער ענדליך אויפהערען צו שלאָגען זיך פאר די
אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען פון פער־
שיעדענע נאַציאָנען. און די אויסערליכע מלחמות
וועלען זיך ענדיגען מיט דער גרויסער אינערלי־
כער מלחמה, וואָס וועט מאַכען אַ סוף צו אַלע
מלחמות — מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

דער גרויסער פאַקעל פון דער אַלוועלטלי־
כער אַרבייטער־סאָלידאַריטעט איז נאָך ניט
פערלאָשען געוואָרען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו
רויכערן, צו טשאַד׳ען; ער פלאַקערט נאָך אָבער
אַליין. און אין דער אַלגעמיינער פערפינסטערונג,
אין וועלכע די פעלקער וועלען איצט אַריינפאַלען,
וועט ער אויפפלאַקערן אַליין ריינער, אַליין העלער
און ער וועט ווערען דאָס ליכט פון דער וועלט.

און ווער ווייס, אפשר וועט שוין פון דיעזער
גוג און מגוג מלחמה דער אָנפאַנג פון דער גאולה
אויפשיינען!

פ. סאָלאָגוב

דער נס פון אינגעלע לין

(מלחמה־מעשה)

איבערזעצט פון ב. ריווקין.

מיט גרויס ערפאָלג האָט די רייטער־אָבטיילונג אויסגעפיהרט דעם בעפעהל אָנצולערנען די ווידערשפּעניגע איינוואוינער פון דעם צובונטעוועטען דאָרף, וואָס האָבען זיך ענטזאַגט צו ברייננגען קרבנות און צו קניען אין עהרפורכט פאַר דעם בילד פון געטליכען קייזער. די רייטער זיינען איצט געווען אויפ׳ן צוריק־וועג צו זייער לאַגער. פיעל בלוט איז פערגאָסען געוואָרען, פיעל לעסטערער זיינען אומגעבראַכט געוואָרען — און די מידע רייטער האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דער נחת׳דיגער שעה, ווען זיי וועלען שוין זיין צוריק אין זייערע געצעלטען און וועלען פריי, אונגעשטערט זיך קענען אָנטהאָן וואוילטאָג מיט די פּרעכטיגע לייבער פון די געפאַנגענע פרויען און טעכטער פון די נאַרישע לעסטערער. אָט די פרויען און טעכטער האָבען דאָס מעהר געהיצט און געצונדען דאָס בלוט, וואָס אונגעהאָרכזאַמער זיי זיינען געווען, וואָס געצוואונגענער זייערע אומאַרמונגען זיינען געווען. איצט זיינען זיי געלעגע פעסט צונויפגעבונדענע אין שווערע וועגען און שטאַרקע פערד האָבען זיי געשלעפּט מיט׳ן ברייטען שליאַך גלייך אין לאַגער אַריין. זיי, די רייטער, האָבען אויסגעקליבען א זייטיגען וועג, וואָרים דער עלטסטער צענטוריאָן האָט זיך דערוואוסט, אַז אייניגע פון די בונטאָוושציקעס האָבען בעוויזען זיך צו בעהאַלטען און זיינען אַנטלאָפען אין אָט דער ריכטונג. און כאָטש די שווערדען זיינען שוין געווען צוקאַרבט און די שפּיזען טעמפּ פון דער העלדישער שטיקעל אַרבייט פון דעם קייזער׳ס קריעגער, וועלכע זיינען אַזוי זשעדנע געווען נאָך רוהם — דאָך איז קיינמאָל ניט זאַט געוואָרען דער שווערד פון רוימישען סאָלדאַט מיט די לייבער פון א געפאַלענעם שונא און אייביג האָט עס געלעכצט נאָך פרישע, פרישע קאָכעדיגע מענשליכע בלוט.

עס איז געווען א הייסער טאָג און די הייסטע שטונדע פון טאָג, באַלד נאָך מיטאָג. דער הימעל, אָהן א ברעקעל וואָלקענדעל האָט געגלאַנצט מיט אַן אָהנ׳רחמנות׳דיגען שטעכיגען גלאַנץ. און די זון, די פייערדיגע שלאַנג, האָט געציטערט אין איהר ווילדען אַלוועלטליכען משוגעת און געשאָטען פון איהר פייעריגען שלונד מיט גאַנצע שטראָמען פון גליהענדען צאָרן אויף די שטומע, פעראומערטע לאַנד.

דער עלטערער צענטוריאָן, געמאַטערט פון היץ, האָט זיך געשאָקעלט אויפ׳ן זאָטעל און זיך געכמורעט און געטראַכט, אַז עס מוז דאָך נעהמען א סוף צו דער היץ און צו דעם וועג, און אַז באַלד וועט מען פון איהם אַוועקפיהרען זיין שלאַכט־פערד און אַוועקנעמען זיין פאַנצער מיט׳ן מעשענעם הוט, און קיהל וועט זיין אונטער׳ן ברייטען לייווענד פון זיין פעלד־געצעלט, און דאָס נאַכט־לעמפּעל וועט גיסען א שטילען שיין. און ווידער וועט זי נעהמען וויינען די נאַקעטע שקלאַפין, וויינען מיט איהר קול ווי א פייפעל, טענה׳ן, קלאָגען און זיך בעטען אויף א פרעמדען, לעכערליכען לשון און קושען וועט זי דאָך וויינענדיגערהייד. און צערטלען וועט ער איהר, לאַסצען ביז אין טויט אַריין — זאָל זי ניט וויינען, זאָל זי ניט טענה׳ן, זאָל זי ניט קלאָגען, מיט איהר פייפעל־קול אויף די דער׳הרגעטע, איהרע ליעבע, די צושמעטערטע שונאים פון גרויסען צעזאַר...

א יונגער קריעגער איז צוגעריטען צום צענטוריאָן:

— אָט דאָרט, רעכטס, ביים וועג זעה איך עפּעס א מחנה מענשען. דו בעפעהל אונז נור, מאַרצעל, און מיר וועלען זיך א לאָז טהאָן אויף זיי און מיר וועלען זיי צויאָגען, צוטרייבען. אונזערע פלינקע פערד וועלען אויפוועקען דעם איינגעשלאָפענעם ווינד, און ער וועט אַראָבנעהמען פון אונז דעם שטויב און די מידקייט פון אונזערע גליעדער.

דער צענטוריאָן האָט אָנגעשטעלט זיין בליק צו יענער זייט, וואוהין דער יונגער קריעגער האָט אָנגעוויזען. שאַרף איז געווען דאָס אויג פון אַלטען צענטוריאָן.

— ניין, לוצילי — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל — די מחנה — דאָס איז א מחנה קינדער, וואָס שפּיעלען זיך ביים וועג. זיי צוטרייבען? צו וואָס? פערקעהרט, זאָלען זיי קוקען אויף אונזערע מעכטיגע פערד און רייטער, און זאָל באַצייטענס איינגעקריצט ווערען אין זייערע הערצער עהרפורכט פאַר רוים, זיין חיל און זיין צעזאַר.

דער היציגער בחור איז רויט געוואָרען

פון פערדרוס און איז אַנטשווּיגן געוואָרען.

די רייטער זיינען אַלץ נעהענטער צוגע־קומען צו די קינדער און די קינדער האָבען זיך אויסגעשטעלט ביים וועג, און האָבען געקוקט אויף די קריגער, זיך געוואונדערט אויף זייע־רע פערד, גלאַנציגע געווער און זייערע מו־טיגע, פערברוינטע געזיכטער. זיך געוואונ־דערט, זיך געשעפּצעט און געקוקט מיט אויפ־געריסענע אויגען. נור איינס פון די קינדער, דאָס שעהנסטע פון זיי, דאָס אינגעלע לין האָט געכמורעט זיין שטערן און זיינע שוואַר־צע אויגען האָבען געבלישצעט מיט הייליגען צאָרן. און ווען די רייטער האָבען זיך אויס־געגלייכט מיט די קינדער, האָט דאָס אינגעלע אויסגעשריען: מערדער!

און האָט אויפגעהויבען די הענטלאַך צום אַלטען צענטוריאָן. דער צענטוריאָן האָט גע־וואָרפען אויף איהם א פינסטערן בליק, ניט דער־הערט, וואָס עס שרייט, און פאַרבייגעפאָהרען.

די דערשראָקענע קינדער האָבען אַרומגע־רינגעלט לין'ען, געהייסען איהם שווייגען, און זיי האָבען געשעפּטשעט:

— לאָמיר אַנטלויפען, אַנטלויפען וואָס גיכער. זיי וועלען דאָך אונז דער'הרג'ענען.

און די מיידעלעך האָבען שוין געוויינט. נור דאָס שעהנע אינגעלע לין איז אָהן מורא אַרויסגעטרעטען פאָראויס און נאָך העכער גע־שריען:

— תליונים! פייניגער פון אונשולדיגע!

די רייטער האָבען זיך אָבגעשטעלט.

— די חוצפה פון די קליינע טויגעניכטסען פערדיענט א שווערע שטראָף. מאַרצעל, הייס אונז זיי דעריאָגען און פערטיליגען. אָן אונ־רוהיג געשלעכט דאַרף מען אויסראָטען נאָך איידער עס וועט אויסוואַקסען און מאַכען אָן אויפשטאַנד און אָנטהאָן שאָדען דעם געטלי־כען צעזאַר און דעם וועלט־הערשענדען רוים.

און דער צענטוריאָן האָט איינגעוויליגט:

— דעריאָגט זיי, דער'הרג'עט די, וואָס האָבען געשריען, און די אַנדערע בעשטראָפט אַזוי, אַז זיי זאָלען אייביג געדענקען, וואָס הייסט בעליידיגען א רוימישען קריגער.

און די רייטער האָבען זיך פערקירעוועט פון שטויביגען וועג און זיך א לאָז געטהאָן נאָך די קינדער.

לין האָט דערזעהן, מען יאָגט זיי נאָך, האָט ער אויסגעשריען:

— לאָזט מיך אַליין! מיך וועט איהר ניט רעטען, און אויב איהר וועט נעהמען לויפען, וועט איהר נאָך אַלע אומקומען פון די שווער־טען פון דעם רשעות'דיגען חיל.

און לין האָט זיך אָבגעשטעלט און די חברים זיינע, פערמאַטערטע פון שרעק און לויפען, האָבען איהם ניט געקענט אָוועקשלע־פּען פון אָרט. און זיי זיינען אַלע געשטאַנען און געוויינט אויף א קול, בעת די רייטער האָ־בען זיי אַלץ ענגער אַרומגערינגעלט. די בליש־צענדע שווערטען זיינען אַרויסגענומען געוואָ־רען פון די שיידען און די פייערדיגע זון־שלאַנג פון אויבען האָט גענומען שיסען מיט בייזע, אונ'רחמנות'דיגע גליטשיגע שמייכלען איבער די קלינגען. און די קינדער האָבען אויפגעצי־טערט און מיט געוויין זיך צוגעטולעט איינס צום אַנדערן, זיך צונויפגעדריקט אין איין הוי־פען. און די פייערדיגע שלאַנג פון אויבען האָט געצונדען דאָס בלוט פון די סאָלדאַטען און גע־איילט צו דעם מאָרד. נור אָט איז דאָס אינ־געלע לין דרייסט אַרויסגעטרעטען פון הויפען קינדער און האָט געזאָגט אויף א קול:

— אַלטער, דאָס האָב איך אָנגערופען דיך און דיין חיל גזלנים און תליונים. דאָס האָב איך געפלוכט דיך און אַלע וואָס זיינען מיט דיר. דאָס האָב איך גערופען גאָט'ס גערעכטען צאָרן אויף אייערע קעפּ, איהר רשעים. זעה, אָט וויינען זיי, די קינדער, און ציטערן פון שרעק. זיי האָבען מורא, אַז דיינע פערפלוכטע קריגער וועלען אויף דיין גאָטלאָזען בעפעהל אונז הרג'ענען, אונז און אונזערע מוטערס און פאָטערס. הרגע זשע מיך אַליין, ווייל די אַלע וועלען דיר זיין אונטערטהעניג און געהאָרכזאַם, דיר און ווער עס האָט דיך געשיקט. הרג'ע זשע מיך אַליין, אויב דו ביזט נאָך ניט זאַט מיט די הריגות.

מיט גרויס פערוואונדערונג האָט דער צענטוריאָן איהם אויסגעהערט, און געזאָגט:

—דו, שלענגעל, עס וועט ניט זיין ווי דו ווילסט — דו וועסט שטאַרבען ניט אַליין.

און ער האָט אָבגעגעבען א בעפעהל:

— טויטעט זיי אַלע. מען טאָר ניט לאָ־זען לעבען די שלאַנגען־פּרוכט, ווייל די ווער־טער פון דעם חוצפה'דיגען אינגעל זיינען גע־פאַלען אין זייערע אונרוהיגע הערצער.

און די קריגער האָבען זיך געוואָרפען אויף די קינדער און זיי געהאַקט מיט די שווער־טען. און דער אַנגעכמורעטער טהאָל און דער שטויביגער וועג האָבען אויפגעציטערט פון די קינדערשע יללות און די נעפּעלהאַפטע ווייטקייט האָט געענטפערט מיט א קרעכץ, מיט א צערט־ליכען קרעכץ ווי פון א קראַנקער פּלייט. און זיי זיינען אַנשווייגען געוואָרען. און שפּרייטענ־דיג די הייסע נאָז־לעכער האָבען די פערד גע־צויגען דעם ריח פון רויכיגען בלוט און מיט זייערע געשמידעטע קאָפּיטעס האָבען זיי שווער און לאַנגזאַם געטראַמפּעלט אויף די קינדערשע לייבער.

און די קריגער זיינען אַוועק צוריק אויף זייער וועג, לאַכענדיג פרעהליך און בייז. זיי האָבען זיך געאיילט אין זייער לאַגער אַריין. געשמועסט און געפרעהט זיך. אָבער דער וועג האָט זיך אַלץ געצויגען שטויביג און שוואַר, פערצויבערט אין שרעק און שטילקייט. און דאָס געזיכט פון דער רויטער זון־שלאַנג האָט זיך

אַראָבגעלאָזען און האָט אַריינגעקוקט אין די שפּיציגע אויגען פון אַלטען צענטוריאָן, און געשמייכעלט מיט א שטילען און שרעקליכען שמייכעל. און דעם אַלטען צענטוריאן האָט אָנגענומען אַן אימה.

און די ערד האָט געברומט אונטער די פערדס' טריט. עמיצער איז געלאָפען, זיך נאָכגעיאָגט. און א קול, ווי דער קול פון דעם דער'הרג'עטען אינגעלע, האָט עפּעס נאָכגעשריען.

דער צענטוריאן האָט זיך אומגעקוקט אויף זיינע קריעגער. די שטויביגע פּנים'ער האָבען זיך געקרימט ניט נור פון מידקייט. פון אונטער די גראָבע קנייטשען פון די פערברענטע געזיכטער האָט אַרויסגעקוקט א טונקעלער שרעק. די טרוקענע ליפּען פון דעם יונגען לוצילי האָבען זיך בעוועגט און עפּעס אונרוהיג געשעפּטשעט:

— דער פערפלוכטער אינגעל יאָגט זיך נאָך אונז. ער איז פערצויבערט מיט דעם אונריינעם צויבער פון די נאַכט־העקסעס.

און אין דער גליהענדער שטילקייט פון טהאָל האָט א קול, ווי דער קול פון א פליוט, הילכיג געשריען:

— א פלוך, א פלוך אויף אייך, מערדער!

די קריעגער האָבען אויפגעשוידערט, און אַוועקגעלאָזען די פערד אין גאַלאָפּ. און דער קול — זיי האָבען ניט געוואוסט פון וואַנען, אָבער גאָר נאָהענט — האָט געהילכט:

— מערדער! מערדער פון אונשולדיגע!

און די פערד האָבען געיאָגט, געטריבען פון די רייטער. אָבער דאָס האַרץ פון אַלטען צענטוריאן האָט זיך אָנגעצונדען:

— זיינען מיר די קריעגער פון מעכטיגען און געטליכען קייזער! פון וועמען אַנטלויפען מיר? פון א פערדאַמטען אינגעל, וועלכען מיר האָבען ניט דער'הרג'עט ביז טויט!...

און די קריעגער האָבען זיך פערשעמט. זיי האָבען אָבגעשטעלט די פערד און זיך צוגעהערט. איינער האָט זיי נאָכגעיאָגט, שרייענד און קלאָגענד. פון דער שטילקייט אַרויס, פון פערשאַטענטען טהאָל האָט זיך דייטליך צו זיי געטראָגען א קינדערישער געשריי: מערדער!

די רייטער האָבען א קעהר געטהאָן די פערד אין יענער זייט, פון וואַנען דער קול איז געקומען און זיי האָבען דערזעהן דאָס אינגעלע לין, ווי עס לויפט צו זיי אין פערבלוטיגטע און צוריסענע בגדים. און בלוט האָט געשטראָמט איבער זיין געזיכט, איבער זיינע הענד, וועלכע האָבען זיך געשטרעקט מיט רוגזא צו די קריעגער, ווי עס וואָלט יעדען איינעם פון זיי געוואָלט אָנכאַפּען און א שליידער טהאָן צו זיינע פערבלוטיגטע פיס. און זייערע הערצער זיינען פול געוואָרען מיט ווילדען כעס. זיי האָבען אַרויסגענומען די שווערטען פון די שיידען, צואווילדעוועט די פערד מיט די שפּיציגע שפּאָרעס און זיך א לאָז געטהאָן אויפ'ן אינגעל און איהם געהאַקט מיט די שווערטען און געטראַמפּעלט און אָנגעזעטיגט זייער וואוט מיט זיין בלוט. און זיי זיינען נאָך אַראָב פון די פערד און צופליקט זיין קערפּער אויף פּיץ־פּיצלאַך און צוואוואָרפען איבער'ן וועג און איבער'ן פעלד. די שווערטען האָבען זיי אָבגעווישט אָן דעם גראָז, וואָס ביים וועג, זיך אַרויפגעזעצט אויף די פערד און ווייטער געיאָגט צום לאַגער. און ווידער האָט א שווערער קלאָג גענומען הילכען איבער'ן פערפינסטערטען טהאָל — אין די מערדער־אויערן האָט פאַר איינס געקלונגען: מערדער!

און אין פּיין פון שרעק און צאָרן, האָבען זיי ווידער אומגעקעהרט די פערד, און ווידער איז זיי אַנטקעגען געלאָפען דאָס אינגעלע לין אין פערבלוטיגטע קליידער און די הענד מיט בלוט געגאָסען, האָט עס געשטרעקט צו זיי און געסטראַשעט, און זיי האָבען איהם פון דאָס ניי צוהאַקט, צוטרעטען, צושניטען מיט די שווערטען, צוואוואָרפען און ווייטער געלאָזט זיך לויפען. אָבער ווידער און ווידער האָט זיי אָנגעיאָגט דאָס אינגעלע לין, און זיי האָבען שוין פערגעסען געהאַט וואו זייער לאַגער געפינט זיך, און זיי האָבען זיך געטראָגען איבער'ן טהאָל צווישען קלאָגען, געוואַלדען און פאָרווירפע, וואָס האָבען ניט געוואָלט אויפהערען און אין ווילדען וואוט פון מאָרדען אָהן א סוף. און זיי האָבען זיך אַלץ געדרעהט אַרום יענעם פּלאַץ, וואו דאָס אינגעל לין מיט די אַנדערע קינדער זיינען דער'הרג'עט געוואָרען, און פון אויבען אַראָב האָט געקוקט די פייערדיגע שלאַנג, אויסגעהענדיג אין בלוט און אין רויך, געקוקט מיט א צופלאַמטען הארצלאָזען בליק אויף די מאטערניש און פּיין פון אונענדליכען מאָרד און אונאויפהערליכען פאָרוואורף. און דער אבענד איז פערלאָשען געוואָרען, אָנגעקומען איז די נאַכט, די שטערן האָבען געבלינקעלט ריינע, כשר'ע, אונשולדיגע, ווייטע, און די קריעגער האָבען זיך אַלץ געטראָגען, זיך געוואָרפען אַהין און אַהער און דער אינגעל לין נאָך זיי מיט זיין יאָמער און קלאָג. און זיי האָבען געהאַלטען אין איין טויטען און ניט געקענט טויטען.

בעפאָר זון־אויפגאַנג, געטריבען פון שרעק פאַר זייער פערפאָלגער לין, זיינען זיי אָנגעקומען צום ברעג ים. און די כוואַליעס האָבען אויפגעשוימט אונטער דעם ווילדען געיעג פון די פערד. אַזוי זיינען אומגעקומען אַלע רייטער צוזאַמען מיט זייער צענטוריאן מארצעל.

און דאָרט, אין ווייטען פעלד, ביים וועג, וואו עס זיינען דער'הרג'עט געוואָרען פון די רייטער דאָס אינגעלע לין מיט די אַנדערע קינדער, זיינען געלעגען זייערע קערפּערס פערבלוטיגטע און אָהן קבורה. ביינאַכט זיינען פאַרזיכטיג און שרעקעדיג צוגעקומען וועלף און האָבען זיך אָנגעזעטיגט מיט זייערע זיסע קערפּערלאַך.

ל. דייטש

זשאן זשארעס

(געבאָרען אין 1859 — געשטאָרבען אין 1914)

פון דער מערדערישער קויל פון א האַלב־משוגענעם, וועלכער האָט ניט אָנגעהויבען צו וויסען, וואָס פאר א פערברעכען ער בעגעהט, איז געפאַלען איינער פון פראנקרייך׳ס בעסטע זיהן. פראנקרייך, און מיט איהר די גאנצע וועלט, האָט אין זשאָרעסען פערלאָרען איינעם פון איהרע גרעסטע כלל־טהוער—א מאַן פון וויסען, פערשטאַנד און טאַלענט, א פייערי־גען פערטהיידיגער פון אַלץ, וואָס איז גוט און ניצליך פאר דער מענשהייט און א לביידענשאַפטליכען פראָטעסטאַנט געגען יעדער אונגערעכטיגקייט.

ביי דער נאַכריכט פון זיין טויט זיינען פעראומערט געוואָרען די הערצער פון אלע עהרליכע מענשען, אָהן אונטערשיעד פון אי־בערצייגונגען. טרעהרען האָבען זיך געשטעלט אין די אויגען פון פיעלע, וואָס האָבען בלויז פון דערווייטענס געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אזא האַרץ אויף דער וועלט, וואָס רוהט קיינמאָל ניט, וואָס זאָרגט זיך מיט דער גאַנצער מענשהייט. וואָס האָבען שוין געזאָגט פיהלען די יעניגע, וועלכע האָבען די זכיה געהאַט איהם פערזענליך צו קענען, צו הערען זיין ריידען, זיין רופען?

אָבער וואָס קענען שוין העלפען רייד? זיי וועלען איהם לעבעדיג ניט מאַכען. זשאָמיר זשע בעסער זעהן זיך צו בעקענען מיט זיין פער־

זענליכקייט, אז זיין געשטאַלט זאָל אויף אייביג זיך איינקריצען אין אונזער זכרון.

* * *

ניט מיט זיין אויסזעהן, ניט מיט זיין כאַראַקטער איז זשאָרעס געווען עהנליך צו יענעם טיפּ פראַנצויז, וועלכער לעבט אין אונזער פאָרשטעלונג — אלס לייכטזיניגער, לעבעדיגער יונג, פּערפּוצטער, עלעגאנטער פרויען־יעגער און ניט קיין גרויסער ליעבהאבער פון אַרבייט. פּערקעהרט, אַ ברייטביינינגער, מיט אַ גרויסען קאָפּ און לאַנגען באָרד, האָט ער גיכער אויסגעזעהן ווי א רוסישער קרעמער — די פראַנצויזען פלעגען זאָגען, ווי אַ קצב. און מיט זיין פליים, אַרבייטסזאַמקייט און אויסדויער האָט זשאָרעס געקענט דרייסט זיך פּערמעסטען מיט די בעסטע פאָרשטעהער פון יענע נאַציאָנען, וועלכע מען ריהמט פאר דיעזע אַלע מעלות.

און דאָך איז זשאָרעס אַ טיפּישער פראַנצויז. ער האָט גע׳ירש׳ענט אַלע מעלות פון דיעזען מערקווירדיגען פאָלק, און אפילו די הסרונות פון זיין פאָלק האָט ער אין מעלות אומגעוואַנדעלט. דאָס איז געווען אַ פּראַנצויז, וועלכער האָט געלערנט פון דער געשיכטע פון זיין פאָלק — ער האָט איהר איבערגעלעבט אין זיך — ניט נור מיט זיין געדאנק, נור מיט זיין גאנצען אינערן, ניט נור אַלס וויסענשאַפּטסמאַן, נור אלס מענש און קעמפּפער.

ער איז געווען דער טרעגער פון די אידעאַלען פון זיין פאָלק, ער האָט שטענדיג געהאַט פאר זיינע אויגען דעם דור פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן — איהרע געלעהרטע און פילאָזאָפען : דידרא, דאלאמבער, רוסאַ און וואָלטער — און איהרע קעמפּפער־ריעזען : מיראַבאַ, דאַנטאַן און ראבעספּיער. אַליין זעהר עהנליך צו זיי, האָט ער בעסער פון פיעלע אַנדערע געשעצט זייערע מעלות, און ער האָט זיך געהיט ניט נאָכצוטהאָן זייערע פעהלערן. ער האָט גענואוסט די פערגאנגענהייט פון זיין פאָלק, ער איז געווען אן אלגעמיין אנערקענטער קאָמפּעטענטער היסטאָריקער, און ער האָט געשעפּט פון איהר פּאָליטישעם פערשטענדניס. די ערפאהרונג פון א פאָלק, וואָס האָט דורכגעמאַכט דריי רעוואָלוציעס אין א משך פון 80—90 יאָהר, איז געווען זיין אייגענע ערפאהרונג. דיעזע ערפאהרונג האָט איהם געבראַכט צום סאָציאליזם. דאָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש. די געשיכטע פון פראַנקרייך האָט פיעל מעהר בייגעטראַגען צו דער פערשפּרייטונג פון די סאָציאליסטישע אידעען, ווי די עקאָנאָמישע לעהרען.

טולוז), אַ מאַן פון ברייטע קענטניסע און גלענצענדע פעהיגקייטען, האָט ער לייכט געקענט זיך דערשלאָגען צו דעם העכסטען פּאָסטען. וואָלט ער זיך געיאָגט נאָך כבוד, האָט ער לייכט געקענט פעראייניגען אַ קאַריערע מיט דער ערפילונג זיינע פליכטען צום פאטערלאַנד. אָבער ער האָט אַליין אויפגעגעבען, — זיין שטעלע און זיין קאריערע — ווי נור די איבערצייגונג האָט איהם אונטערגעזאָגט גאָר אנאנדער וועג און גאָר אַנדערע פליכטען. דאָס בעווייזט וואָס פאר אַ ריינע נשמה ער האָט פערמאָגט. אפילו די פינסטערסטע רעאקציאָנערען פון פראַנקרייך מוזען צוגעבען, אַז ער איז געווען דער איידעלסטער צווישען פראַנקרייך׳ס זיהן— דער אנגעזעהענסטער צווישען די אנגעזעהענע אין א לאַנד, וואָס פערמאָגט ניט ווייניג גרויסע מענער. פון דער אַנדער זייט בעווייזט עס אויך, מיט וואָס פאר אַ קראַפט עס ווירקען אונזערע אידעען. מיר סאָציאליסטען מעגען שטאָלצירען, וואָס כלל טהוער פון אַזאַ גראַד געהען איבער צו אונז.

* * *

ווי בעוואוסט, האָט קיין לאַנד ניט אַזוי פיעל עקספּערימענטירט מיט די פּרינציפּען פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט“ ווי פראַנקרייך. אָנהויבענדיג פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, וועלכע איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם בלוט פון אויסערע און אינערע מלחמות, זיינען אין אַ משך פון יאָהרצעהנדליגע כסדר געמאַכט געוואָרען פּראָבען צו פערווירקליכען אָט די צויבער־פאָרמעל פון רעוואָלוציאָן. באבעף איז אָבגעביטען געוואָרען פון סען־סימאָן און פוריע, זיי ווידער פון קאבע, בלאַנק, לואי בלאַן, בארבעס, פּרודאָן און ז. וו. — ביז צו דער קאָמונע פון 1871. דער אַרבייטער־קלאַס איז בעגאָסען געוואָרען מיט בלוט, און קיין דערלייכטערונג איז ניט געקומען. מען האָט אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם כוח פון דער סאָציאליסטישער לעהרע, אפילו אזעלכע מענשען ווי הייגע און הערצען האָבען געצווייפעלט.

דאָך האָבען שוין דאמאלס מענשען מיט אַ וויטערען בליק איינגעזעהען, אז ניט אומזיסט זיינען די אַלע אָפּפער געבראַכט געוואָרען. דאָס פערגאָסענע בלוט האָט אָנגעטרונקען פראַנקרייך׳ס באָדען, און נייע שפּראָצונגען האָבען זיך בעוויזען. דער אויפשטאַנד פון די אַרבייטער פון ליאָן אין יאָהר 1831 איז געווען דער ערשטער ארויסטריט פון פּראָלעטאריאַט אַלס קלאַס. דיעזער אויפשטאַנד צוזאַמען מיט די טעאָריען פון די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטישע סאָציאליסטען האָבען עס געגעבען דעם שטויס מאַרקס׳ען און ענגעלס׳ען, זיי זאָלען זיך נעהמען פאר דער אויסאַרבייטונג פון אַ וויסענשאַפטליכער לעהרע פון סאָציאַליזם—די לעהרע,

---

א פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין איינעם פון די פראַנצויזישע אוניווערזיטעטען (אין

וואס האט איצט אויפגעשטורמט די וועלט.

מערקווירדיג, אז אין פראנקרייך גופא האט עס געדויערט זעהר לאנג ביז די נייע לעהרע האט זיך אנגענומען. נאך אין די 80ער יאהרען האט מען די מארקסיסטען אין פראנקרייך געקאנט צעהלען אויף די פינגער. געווען זיינען כל המינים — בלאנקיסטען, אנארכיסטען, פרודאניסטען, פאסיביליסטען, און ז. וו., וועלכע האבען זיך געהאלטען אין איין ארומרייסען, אבער מארקסיסטען זיינען ניט געווען.

און די אורזאכע דערפון איז, וואס דער פראנצויזישער פראלעטאריאט איז געווען צופיעל אבגעשוואכט פון די פיעלע בלוטאבצאפונגען. די צעהנדליגע טויזענדער אויסגעשלאכטעטע און דערשאסענע בעת דער קאמונע, די ניט קלענערע צאהל פערשיקטע אין ניי־קאלעדאניען—א גאנצע קאמפס־ארמיי האט געפעהלט דער פראנצויזישער ארבייטער מאסע, און זי איז אונפעהיג געווארען צו אן ארגאניזירטען קאמפף, ווי דאס פאדערט דער מארקסיזם. ערשט ווען די וואונדען פון דייטש־פראנצויזישען קריעג האבען זיך פערהיילט, און די מאסע איז געקומען צו זיך פון די שחיטות, האט זי גענומען זיך דורכדרינגען מיט דער נייער לעהרע. איהרע אנזאגער זיינען געווען געד און לאפארג.

און נאך אן אורזאכע איז געווען, וואס האט געשטערט דער פערשפרייטונג פון מארקסיזם אין פראנקרייך. די ראדיקאלע עלעמענטען זיינען זעווען בעזארגט וועגען דער רעפובליק. די רעפובליק איז בעשאפען געווארען פון די אונטערסטע קלאסען געגען דעם ווילען פון די העכערע קלאסען. נאך דעם ווי די פראלעטארישע קעמפפער זיינען צוזייט און צושפרייט געווארען, נאך דעם פאל פון דער קאמונע, איז אין פראנקרייך געבליעבען זעהר ווייניג איבערגעבענע פריינד פון דער רעפובליק. פראנקרייך איז געווען א „רעפובליק אהן רעפובליקאנער“. אין ערשטען רעפובליקאנישען פארלאמענט איז די מעהרצאהל געווען אפענע געגנער פון דער רעפובליק. דער פרעזידענט אליין — מאק־מאגאן — האט אהן צערעמאניעס אגיטירט, מען זאל אוועקזעצען איינע פון די פראנצויזישע דינאסטיעס צו קעניגען איבער פראנקרייך. די ראדיקאלען האבען כסדר געציטערט פאר דעם שיקזאל פון דער רעפובליק, און אויפצוהאלטען איהר איז געווארען זייער איינציגע אויפגאבע. די אויפגאבע האט פערשטעלט אלע אנדערע — ווער האט דאמאלס געקלערט וועגען סאציאלע רעפארמען?

און דער בעזונדערער ענטוויקלונגס־גאנג פון דער פראנצויזישער אינדוסטריע האט אויך ניט ווייניג בייגעטראגען צו פערהאלטען דעם פראלעטארישען קאמפף. — דאס אלעס מוז מען האבען אין זינען אום צו פערשטעהט און אבצושאצען די געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט פון זשארעס.

זיין קינדהייט איז אויסגעפאלען אין די שטורם־יאהרען פון דייטש־פראנצויזישען קריעג. אלס יונגער־מאן האט ער ווי עס שיינט זעהר ווייניג זיך אינטערעסירט מיט פאליטיק. ער ענדיגט די נארמאל־שולע, די העכסטע שולע אין פראנקרייך, וואוהין עס קענען אנקומען בלויז די בעסטע שילער, וועלכע ווילען זיך צוגרייטען צו פראפעסאר־שטעלען. ער ווערט פראפעסאר פון פילאזאפיע, און דאך, אזוי גיך ווי ער ווערט פראפעסאר, שטעלט ער ארויס זיין קאנדידאטור און ער ווערט אויסגעוועהלט אין פארלאמענט, צו 26 יאהר. ער שטעהט צו צו די מעסיגע רעפובליקאנער. פאר די 4 יאהר וואס ער זיצט דארט צייגט ער זיך מיט קיין זאך ניט ארויס. עה פאלט דורך ביי די צווייטע וואהלען און ער קעהרט זיך צוריק אום צו זיינע פראפעסאר פליכטען. גלייכצייטיג לאזט ער זיך אויסוועהלען אלס שטאדט־אבגעארדנעטער און שפעטער אלס געהילף פון מעיאר, קענטיג, ער האט זיך שוין מיט געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט ניט געקענט שיידען.

אין אנהויב פון די 90ער יאהרען ווערט ער ווידער דעפוטאט. דאס מאל שטעהט ער צו צו די „אונאבהענגיגע“ — דאס איז געווען א גרופע, געגרינדעט פון דעם געוועזענעם קאמונאר מאלאן אין די 80ער יאהרען, בעשטאנען איז זי פון ראדיקאל געשטימטע לייט, וועלכע האבען געהאט עפעס טענות צו די סאציאליסטען. דער בעריהמטער סטרייק אין קארנא פון יאהר 1893 מאכט א געוואלדיגען רושם אויף דעם טעמפעראמענטפולען זשארעס. ער בעקענט זיך אויפ׳ן פלאץ מיט דער לאגע און ער ווערט אן אויפגעקאכטער, ווען ער דערוויסט זיך פון די ווילדע מעטאדען, וואס מען ווענדעט אן געגען ארבייטער אום צו דערשטיקען זייערע סטרייקס. ער האלט אין פארלאמענט א פייערדיגע רעדע צו דער פערטיידיגונג פון די ארבייטער און זייט דעמאלט ווערט ער פעררעכענט פאר איינעם פון די בעסטע פראנצויזישע אראטארס. ער שטעהט צו צו די סאציאליסטען, ביי וועמען ער פערנעהמט תיכף דעם אויבען אן. אבער עס האט נאך לאנג גענומען, איידער ער ווערט א ווירקליכער סאציאליסט.

די סאציאליסטען זיינען דאמאלס געווען צוטיילט אויף עטליכע פראקציאנען, וואס האבען איינע די אנדערע בעקעמפפט. יעדע פלעגט ארויסשטעלען איהרע בעזונדערע קאנדידאטען. די הויפט ראלע האבען פארט געשפיעלט די מארקסיסטען, וועלכע האבען געצעהלט 12 דעפוטאטען. זיי האבען געבילדעט די ארבייטער־פארטיי. אלע צוזאמען, שוין אריינגערעכענט די ראדיקאל־סאציאליסטען, זיינען זיי געווען ביז 40 אין צאהל. אלע זיינען זיי געווען אייניג וועגען די דריי הויפט־פונקטען 1) די פערגעזעלשאפטליכונג פון די פראדוקציאנס־מיטעל 2) די עראבערונג פון דער רע־

גיערונגס־מאַכט דורך׳ן פּראָלעטאַריאַט 3) די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט.

אָבער איז בעצוג צו די טאַקטישע פראגען, צו די אויפגאַבען פון טאָג איז ניט געווען איין פונקט, ארום וועלכען זיי האָבען זיך געקענט אייניגען. די פּראַקציע פון זשאָרעס און די פראקציע פון געד זייַנען אָפט געשטאַנען איינע געגען די אנדערע ווי שונאים. אַזוי איז עס געווען אין בעצוג צו דער דרייפוס־אַפּערע און צו מילעראַנס אַריינטרעטען אין מיניסטעריום. זשאָרעס שטעלונג אין דיזע פראגען איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאו' איהם, אז איך מוז זיך אָבשטעלען אויף זיי לייִנגער.

וועגען דער דרייפוס־אַפּערע גופא וועל איך ניט ריידען. זי האָט דאַמאַלס אויפגערודערט די וועלט, ווי ניט לאַנג צוריק דער ביילים־פּראָצעס.

זשאָרעס איז געווען איינער פון די ערשטע פראַנצויזען, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט מיט לייב און לעבען פאַר דעם אונשולדיג פער׳משפּט׳ען אידישען אָפיציער. אָבער פאַר זשאָרעס׳ען איז דאָס געווען מעהר ווי די בעפרייאונג פון איין מענשען, עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פראַנקרייך. אין דער רעפּובליק דאַרפען אָבגעשאַפט ווערען יענע בעדינגונגען, וואָס האָבען מעגליך געמאַכט די פעראורטיילונג פון אַן אונשולדיגען.

די דרייפוס־אַפּערע איז אויף אַזאַ אופן פאַר זשאָרעס׳ען געווען א בעווייז, אַז עס פעהלט פרייהייט אין דער רעפּובליק, און מיט זיין אונגעהייער ענערגיע וואַרפט ער זיך אַריין אין קאַמפּף אום צו רעטען די רעפּובליק. און אין דיזען קאַמפּף האָט ער געוואָלט אַריינציהען דעם פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט, און צוליעב דיזען קאַמפּף איז ער גרייט געווען אויף פערשיעדענע קאמפּראָמיסען. און דאָ האָט ער זיך בעגעגענט מיט אַן אָפּאָזיציע מצד פון געדיסטען און בלאַנקיסטען.

גלייך נאָכדעם ווי עמיל זאָלא האָט אָנגעהויבען זיין אַגיטאַציע מיט זיין בערימטען בריעף: „איך בעשולדיג!“ — האָבען די סאָציאַליסטען זיך צוטיילט אויף צוויי לאַגערן. די עקסטרעמע,, געד, וואיאַן — האָבען געראַד געהאַלטען, אַז מען מוז שטיצען דרייפוס׳ען, און די מעסיגע — וויוויאַני, מילעראַן — פערקעהרט, אַז דאָס איז ניט אַן עסק פאַר סאָציאַליסטען. ווי ווייט געד איז געווען אייניג מיט זשאָרעס׳ען, איז צו זעהן פון דעם, אַז ביי געד׳ען האָבען זיך דאַמאַלס אַרויסגעריסען די ווערטער: „איהר געפעלט מיר ביז גאָר, זשאָרעס; ביי אייך געהען האַנד אין האַנד וואָרט און טהאַט.“

אָבער וואָס ווייטער די אַפּערע האָט זיך ענטוויקעלט האָבען זיך די ראָלען אַלץ מעהר געביטען. עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען די פּראָגע וועגען דער רעפּובליק. האָבען די עקסטרעמע גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז ניט אַן ענין פאַר אַרבייטער, אַז דאָס האָט גאָרניט צו טהאָן מיט די קלאַסען־אינטערעסען פון די אַרבייטער און אויב די סאָציאַליסטען וועלען זיך אַרויסשטעלען אַלס רעטער פון דער רעפּובליק, וועלען זיי געטריבען ווערען פון קאָמפּראָמיס צו קאָמפּראָמיס. דער קלוגער, קאָנזעקווענטער, אויסגעהאַלטענער אַלטער קעמפּפער זשול געד האָט עס פאָרויסגעזעהן, און אַזוי איז עס געשעהן. ער איז געווען ווייטזיכטיגער פון זשאָרעס׳ען.

אום עס זאָל מעגליך זיין אויפצודעקען די אַלע פעלשונגען פון די מיליטערישע בעאַמטע און די שענדליכע ראָלע פון די קלעריקאַלען, איז נויטיג געווען צו שאַפען א ליבעראַלעס מיניסטעריום, און אַזאַ האָט ניט געקענט געשאַפען ווערען מיט דער הילף פון די סאָציאַליסטען. דערצו האָט זיך געפאָדערט כאָטש א צייטווייליגער בונד פון די סאָציאַליסטען מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען. דאָס ווידער האָבען געד מיט זיינע חברים בשום אופן ניט געקענט דערלאָזען.

דאָס, וואָס האָט אָם שטאַרקסטען אויפגעבראַכט די געדיסטען, איז געווען די אַריינטרעטונג פון מילעראַנ׳ען אין מיניסטעריום פון וואַלדעק־רוסאָ. פון אָנפאַנג, ווי מיר ווייסען, איז מילעראַן געווען געגען דעם, אַז די סאָציאַליסטען זאָלען זיך מישען אין דער גאַנצער אַפּערע. אַז א סאָציאַליסט זאָל ווערען א מיטגליעד פון א בורזשואַזען מיניסטעריום איז געווען אַזוי משונה׳דיג, האָט אַזוי ווידערשפּראָכען דעם בעגריף פון קלאַסען־קאַמפּף, אַז דער ערשטער געדאַנק וועגען דעם, איז געווען „פערראַטה“. און ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיין חבר אין מיניסטעריום איז גענעראַל גאַליפע, אָט די חיה רעה, דער ווילדער אכזר, וועלכער האָט קאַלטבלוטיג ערמאָרדעט 10 ט ו י ז ע נ ד קאָמונאַרען, האָט א צאָרן דורכגענומען די הערצער פון דער אַרבייטענדער מאַסע.

און זשאָרעס האָט זיך געשטעלט איהם פערטהיידיגען מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלענט. ער האָט אין דעם קיין שאַנדטהאַט ניט געזעהן, אפילו אין דער חבר׳שאַפט מיט גאַליפע.

„ווען די רעפּובליקאַנישע פרייהייטען זיינען אין געפאַהר, ווען דער פאַנאַטיזם הויבט אויף דעם קאָפּ — האָט ער גערעדט — דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט מאַכען יד אחת מיט דעם טייל בורזשואַזיע, וועלכער איז געגען דער רעאַקציע“.

וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? גלייך נאָכדעם, ווי מילעראַן איז אריין אין מיניסטעריום, זיינען פאָרגעקומען סטרייקס אויפ׳ן אינזעל מאַרטיניק און אין שאַלאָן, און די סטרייקס זיינען אין בלוט דערשטיקט געוואָרען. און דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט מילעראַן האָט גע־

דריקט די הענד פון די יעניגע, וועלכע האָבען אָבגעגעבען דעם סיגנאַל צו שיסען. ער האָט אויך זוכה געווען צו דריקען די האַנד פון ניקאָלאַי דעם צווייטען און, דאַכט זיך, אויך צו בעקומען פון איהם א צלם׳ל.

איז א חידוש, אַז דער קאַמפּף צווישען די געדיסטען און זשאָרעסיסטען האָט זיך אַלץ מעהר פערשאַרפט. ער האָט אָנגעהאַלטען עטליכע יאָהר. איך האָב בייגעוואָהנט א פערזאַמלונג פון 12 טויזענד מאַן אין 1903. דאָס פּובליקום איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט ניט געלאָזען זשאָרעסען א מויל עפּענען. פון אַלע עקען זאַל האָבען זיך געטראָגען ווילדע געשרייען ווי נור זיין דונער־שטים פלעגט אָבהילכען איבער׳ן זאַל.

ער איז אין יענעם מאָמענט געווען דער קרבן פון זיין איבערגעבענקייט צו דער רעפּובליק. ער האָט זיך צונויפגעלעבט מיט דער געשיכטע פון פראַנקרייך, און די רעפּובליק איז איהם געווען טייער. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זי געקויפט מיט אַ צו הויכען פּרייז און ער האָט גערופען די אַרבייטער צו שעצען און צו שיצען די רעפּובליק. עטליכע יאָהר כסדר האָט ער קיין אַנדער קאַמפּף ניט געפיהרט. מילעראַנ׳ס אַריינטרעטען אין מיניסטעריום האָט ער ניט בעטראַכט, אַלס א געצוואונגענעם קאָמפּראָמיס, נור ווי א לאָגישנויטוועדיגען אַקט פון אַרבייטער־פּאָליטיק.

„פריהער — האָט זשאָרעס גע׳טענה׳ט — זיינען אַפילו אַזעלכע סאָציאַליסטען ווי ליעבקנעכט געווען געגען בעטייליגען זיך אין פּאַרלאַמענט און אויך אין די שטאַדטראַטס. און איצט דיענען די פּאַרלאַמענטען און די שטאַדטראַטס די אינטערעסען פון די אַרבייטער. אַזוי וועט אויך זיין מיט דעם בעטייליגען זיך אין בורזשואַזע מיניסטעריומס“.

ער האָט זיך אויך בערופען אויף מאַרקס און ענגעלס׳ען. זיי האָבען דאָך אויך געראַטען די סאָציאַליסטען צו שטיצען א מעהר ליבעראַלען מיניסטעריום, וואָס טרעט אַרויס אין קאַמפּף מיט דער רעאַקציע. „א רעפּובליק — דאָס איז די פּאָליטישע פאָרם פון סאָציאַליזם“ — פלעגט ער נאָכזאָגען נאָך די שעפּפער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. די וואָס האָבען טענות צו מילעראַן, זיינען שמאָלע קעפּ, דאָקטרינערען.

דער שטרייט, ווי בעקאַנט, האָט אָנגעהאַלטען עטליכע יאָהר און האָט ארומגעכאַפּט די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט. גראַד דעמאָלט איז אין דייטשלאַנד אויפגעקומען דער רעפאָרמיזם — די בערנשטייניאַנער. יענע האָבען אויך פערטיידיגט א בלאָק מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען און נאַטירליך האָבען זיי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון זשאָרעס און מילעראַן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון 1900 (אין פּאַריז) האָט אויפגעהויבען די פראַגע און ניט וועלענדיג ברייננגען די פראַנצויזישע פּאַרטיי צו אַ שפּאַלטונג האָט ער אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס רעזאָלוציאָן, פאָרגעשלאָגען דורך די דייטשען און צונויפגעשטעלט דורך קויטסקי׳ן. די רעזאָלוציאָן האָט קיינעם ניט בעפריעדיגט, און דער קאָנגרעס אין אמסטערדאַם האָט ווידער געדאַרפט זיך פערנעהמען דערמיט. מען האָט געפיהלט, אַז דער קאָנגרעס דאַרף בעשליסען אַזוי צו אַזוי — פאַר דעם אָדער יענעם צד, און יעדער בעשלוס קאָן פיהרען צו אַ ברוך אין גאַנצען אינטערנאַציאָנאַל. האָט מען זיך געריכט אויף היציגע דעבאַטען.

איך האָב דאַמאַלס צום ערשטען מאָל בייגעוואָהנט אַ קאָנגרעס, נאָכדעם, ווי איך בין יאָהרען אָבגעריסען געווען פון דער וועלט, אָבגעפינסטערנדיג זיי אין די וויסטענישען פון סיביר. דאָס בעסטע, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל פערמאָגט, איז זיך צונויפגעקומען צו בעשליסען איבער דער וויכטיגסטער פראַגע, וואָס האָט געבויערט די מוחות פון אַלע סאָציאַליסטען. קענט איהר זיך פאָרשטעלען מיין צושטאַנד? איך בין געלאָפען אין איין אימפּעט פון קאָנגרעס צו דער קאָמיסיע און פון דער קאָמיסיע צום קאָנגרעס, וואו די פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרען 4—5 טעג כסדר. איך האָב געוואָלט זיך שאַפען אַן אונפּאַרטייאישע מיינונג.

דאָרט האָב איך געזעהן זשאָרעסען אין קאַמפּף. ער איז געווען כמעט איינער אלס אראטאר פון זיין צד. געגען זיך האָט ער געהאַט אַזעלכע געאיבטע דיסקוטאַנטען, ווי בעבעל, געד, האינדמאַן, דעליאָן, פּלעכאַנאָוו. און אַן אָרטאָדאָקס בין איך אויך געווען, און אין האַרצען האָב איך געפיהרט מיט איהם ליידענשאַפטליכע דיסקוסיאָנען. דאָך, דעם ערשטען אַפּלאָדיסמענט פלעגט ער כאַפּען פון מיר.

איך געדענק אַ צוויי־קאַמפּף צווישען זשאָרעס׳ען און בעבעל׳ן. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיג בילד: צוויי ריעזען, יעדער אין זיין אַרט. דאָס פּובליקום איז געווען אין א צושטאַנד, וואָס לאָזט זיך ניט בעשרייבען — עפּעס ווי זיי וואָלטען געליענט אַ מעשה וועגען א פּאַרצייטיגע שלאַכט. זיי האָבען זיך קוים איינגעהאַלטען אויסצודריקען אויף׳ן קול זייערע מיינונגען און סימפּאַטיען. און בעבעל האָט אַזוי אונטערגעקויפט אַלעמען מיט זיינע האַרציגע רעדען. דאָך, ווען זשאָרעס פלעגט נעהמען דונערן מיט זיין לייבען־שטימע, פלעגען אַלע ווי איינגעטונקט ווערען אין שטילקייט. און איך . . . איך בין ניט מסכים געווען צו איין וואָרט זיינעם, און דאָך פער׳כישופ׳ען זיך האָב איך זיך געלאָזט. יאָ, צוזאַמען מיט גאַמבעטאַ און לאַסאַל, איז זשאָרעס געווען דער

בעסטער רעדנער פון 19טען יאָהרהונדערט.

נאָכדעם, ווי דער אמסטערדאַמער קאָנגרעס האָט מיט אן אונגעהייערער מאַיאָריטעט אָנגענומען א רעזאָלוציאָן געגען מיניסטעריאַליזם און אַ צווייטע רעזאָלוציאָן, וואָס פאָדערט, אַז אין יעדען לאַנד זאָל נור זיין איין סאָציאַליסטישע פאַרטיי, האבען זיך אַלע געריכט, אַז די פּראקציע פון זשאָרעסען, וועלכע האָט געכאַפּט אַזאַ מפּלה, וועט זיך אָברייסען פון אינטערנאַציאָנאַל. זשאָרעס וועט אָרגאַניזירען אן אייגענע פארטיי, אָדער צושטעהן צו אַ ליבעראַלער. אָבער געשעהן איז ניט אַזוי:ביידע פּראקציעס האָבען זיך אין אַ יאָהר ארום פעראייניגט.

דאָ זיינען אַלע געוואָרען איבערראשט. אין דער שטיל האָבען פיעלע געגלויבט, אַז זשאָרעס וויל ניט אַנדערש ווערען אַ מיניסטער, דערפאר פארטיידיגט ער אַזוי מילעראנען. מען האָט איהם געהאַלטען פאר אן אונאויפריכטיגען פּאָליטיקער, וועלכער זוכט בלויז זיין אייגענע טובה. און ערשט איצט האָט מען זיך ארומגעזעהן ווער זשאָרעס איז.

זשאָרעס איז געווען א טיפּישער פראנצויז און ער האָט זיך ענטוויקעלט ווי זיין פאָלק: ער האָט געמוזט אָנהויבען פון די אוטאָפּיסטישע און ראדיקאַל בורזשואזע לעהרען. און אפשר אויך די סאָרט בילדונג, וואָס ער האָט בעקומען, — געשיכטע, פילאָזאָפיע, — האָט איהם ניט געלאָזען זיך דורכדרינגען מיט'ן ריין־עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט. ער פלעגט אפילו אָפט ציטירען מאַרקס'ען און ענגעלס'ען, אָבער בעהאַנדלען פלעגט ער פראַגען מעהר אַלס מאָראַליסט, איידער אלס מאַרקסיסט. ווען אַ זאַך פלעגט אָנריהרען זיין געפיהל, פלעגט ער אויפקאָכען און אַריינוואַרפען זיך אין קאַמפּף. אַ ניט פלעגט ער בלייבען גלייכגילטיג. קלאַסענקאַמפּף איז פאַר איהם געווען אַ מין אידעאַל פאַר דער צוקונפט.

דאָך מיט דער צייט איז ער געוואָרען אלץ קאָנזעקווענטער, אויסגעהאַלטענער. מעגליך, אַז אויף איהם האָט געווירקט די ווייטערע ענטוויקלונג פון מעשה־מילעראַן און אויך דער אָפענער פערראַט פון בריאַן, וועלכער איז פון אַ „גענעראַל־סטרייקלער" געוואָרען אַ שונא פון אַרבייטער־קלאַס, ביז ער האָט זיך דערשלאָגען צו מיניסטער־פּרעזידענט.

און ווען דער ארבייטער־קלאַס האָט איינגעזעהן, אַז זשאָרעס איז מיט איהם, האָט זיין בעגייסטערונג פאַר זשאָרעס'ען קיין גרענעץ ניט געהאַט.

ווען זשאָרעס פלעגט רעדען, פלעגט מען שעה'ן־ווייז אָבשטעהן עטליכע בלאָקען ארום, כדי צו האָבען די מעגליכקייט אַריינצוקומען אין האָל. און אינעווייניג פלעגט מען זיך שטיקען ביז צום חלש'ען, אָבער קיינער פלעגט זיך ניט ריהרען פון אָרט. ווארום עס איז געווען א חיות צו הערען איהם רעדען. ער פלעגט שפּיעלען מיט די געפיהלען פון זיינע צוהערער ווי אַ מכשף. ער פלעגט ארויסרופען אי געלעכטער, אי געוויין, אי צאָרן, אי ענטציקונג. ער פלעגט דורכשיטען זיינע רעדען מיט וויצען, ווערטלאַך און גלייך זיך געפינען וואָס צו ענטפערן אויף א פלוצלינגע פראַגע. פון אן איבעררייסונג פלעגט ער זיך נאָך מעהר אָנפייערן.

איך האָב איהם געהערט רעדען אויף מיטינגען, קאָנגרעסען און אין פאַרלאַמענט און אומעטום דאָסזעלבע — דער רושם איז געווען געוואַלדיג. פון אָנהויב פלעגט זיך דוכטען, אַז זיין בעגייסטערונג איז א געקינסטעלטע, דערנאָך אָבער פלעגט ער זיך אַזוי צוהיצען, אַז אָפט, ניט קוקענדיג אויף זיין פיזישע גבורה, פלעגט ער נאָך א רעדע פאַלען אין חלשות. דאָס בעווייזט, אַז אויף דער פּלאַטפאָרם איז ער קיין אַקטיאָר ניט געווען. דאָס קען מען ניט זאָגען וועגען לאַסאַל'ען. יענער האָט א קליין ביסעל צוגעשפּיעלט.

לויט זיין כאַראַקטער איז זשאָרעס געווען א גוטמוטיגער אידעאַליסט, וועלכער אורטיילט יעדען נור צו גוטען. איינפאַך איז ער געווען אין פערקעהר מיט מענשען, צוגענגליך פאַר יעדען. אויפמערקזאַם פלעגט ער אייך אויסהערען און האָט קיינמאָל קיינעם ניט אָבגעזאָגט קיין טובה. דאָס קען איך אליין עדות זאָגען.

וואָס האָט אם מעהרסטען צוגעצויגען צו איהם, איז געווען די בעזונדערע פיינקייט פון זיין כאַראַקטער, די אויסערגעוועהנליכע טאָלעראַניץ צום אַנדערנס מיינונג. פּאָלעמיזירט האָט ער טאָג־טעגליך, כסדר געהאַלטען אין בעקעמפּפטען עפּעס אן אונגערעכטיגקייט, א פאַלשקייט. זיין טאָן איז געווען א ליידענשאַפּטליכער, אָבער פערזענליך האָט ער קיינעם נישט אָנגעגריפען, קיינעם נישט בעליידיגט מיט א וואָרט (הלואי אויף די רוסישע סאָציאַליסטען געזאָגט געוואָרען).

זיינע געגנער פלעגט ער אָפטמאָל אַרויסברייגגען פון די כלים דורך די קראַפט פון זיינע אַרגומענטען, דורך זיין לאָגיק, אָבער צו איהם פערזענליך האָבען זיי קיין טענות ניט געהאַט — ער איז געווען א דזשענטעלמען. דערפאַר פלעגט מען איהם כסדר איינשטימיג אויסקלייבען אין פערשיעדענע אונטערזוכונגסקאָמיסיעס; פון דער קאָמיסיע קאַיאָ־ראַשעט איז ער געווען פאָרזיצענדער. וואָס פאַר א געוואַלדיגע אַרבייט דיזער קרעפטיג־געבויטער מאַן פלעגט קענען אויפטהאָן, וועט דער לעזער זעהן פון גענאָסע פּאַוולאָוויטש'עס בריעף צו מיר, געשריעבען אין דער צייט פון קאַיאָ־אונטערזוכונג:

„נאָך דער זיצונג אין פּאַרלאַמענט, אויף

וועלכער זשאָרעס האָט געהאַלטען זיין לעצטע רעדע לטובת דער רעזאָלוציע, וואָס די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבייט, איז זשאָרעס'ען געוואָרען ניט גוט. ער האָט גענומען ברעכען. מען האָט שוין מורא געהאַט, אַז דאָס איז ביי איהם דער אָנהויב פון א האַרץ־פעהלער, וואָס קומט פון איבער־אַנשטריינגונג, אָבער אין צוויי טעג אַרום איז דיזער אונערמידליכער מאַן שוין געווען אין דרום־פראַנקרייך, אַרומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט און אַגיטירט פאַר'ן סאָציאַליזם".

ער האָט קיין גלייכען ניט געהאַט אין אַרבייטזאַמקייט. אויסער דער אַרבייט אין פאַרלאַמענט, קאָמיסיעס, אויף מיטינגען, קאָנגרעסען, איז ער נאָך געווען רעדאַקטאָר פון צענטראַל־אָרגאַן פון דער פאַרטיי „ל'הומאַניטע" (מענשליכקייט), וואו ער האָט געשריעבען טעגליך לייט־אַרטיקלען און אָפט אויך נאָך איינעם אָדער צוויי אַרטיקלען. גלייכצייטיג פלעגט ער אויך אַרבייטען איבער אָן ערנסטען ווערק אין פילאָזאָפיע, געשיכטע, סאָציאַליזם.

ער האָט געפיהרט זעהר א בעשיידענעם לעבען. ער איז געווען אַ פערמעגליכער מאַן, האָט געצויגען הכנסות פון זיינע ווערק און אלס דעפּוטאַט, אָבער אויף זיך פלעגט ער אויסגעבען ווייניג. צום בעדויערן, איז ער געווען אומגליקליך אין פאַמיליען־לעבען. זיין פרוי, א פאַנאַטישע קאַטאָליקין, האָט ניט געקענט פערטראָגען, וואָס איהר מאַן אַגיטירט געגען דער קירכע און זי האָט איהם פערלאָזען, מיטנעהמענדיג זיין היים־געליעבטע איינציגע טאָכטער. דאָס האָט איהם זעהר געקרענקט, ער איז געווען זעהר א ווייכער מענש. ער פלעגט זיך צובינדען מיט'ן גאַנצען האַרצען. עס איז פאַר איהם שווער געווען די איינזאַמקייט. האָט ער זיך מיט לייב און לעבען אַריינגעוואָרפען אין געזעלשאַפטליכען קאַמפף.

ער פלעגט זיך אָברופען אויף אַלע פראַגען — מינדליך צי שריפטליך. האָט עס זיך געהאַנדעלט וועגען שול־בילדונג, צו וועגען די גייסטליכע אָדער קאָלאָניאַלע פאָליטיק—זשאָרעס האָט געהאַט זיין וואָרט. ער פלעגט זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט צו אַגיטירען אומעטום — אין פאַרלאַמענט, אויף מיטינגען, כדי צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג צו דער פראַגע. דאָס איז זשאָרעס טאַקטיק געווען — פון טעגליכע פראַגען צו אַלגעמיינע פרינציפען. און אויף דעם אופן האָט זשאָרעס מעהר פון אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פיהרער בייגעטראָגען צו דעם וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. און א דאַנק דיזער מעטאָדע זיינער, איז זשאָרעס אַליין געוואָרען אָן עקספערט אין פיעלע פראַגען.

עס איז בעוואוסט, אַז צו זשאָרעס' וואָרט אין מיליטערישע פראַגען פלעגט מען זיך צוהערען. ער איז געווען א געגנער פון מלחמה און פון „רעוואַנש", און זיין פלאַן וואָס ער האָט אויסגעאַרבייט ווי צו רעאָרגאַניזירען די אַרמעע, זי זאָל וואָס ווייניגער פאַלען צו לאַסט דעם פאָלק, האָט אַרויסגערופען אינטערעס אין מיליטערישע קרייזען. אויף דער פערמאַכטער זיצונג, וואו ער האָט פאָרגעלעגט זיין פלאַן, זיינען אַנוועזענד געווען אָפיציערען, אָנהענגער פון זיינע אידעען. די פרעסע האָט יעמאָלט שטאַרק געטומעלט וועגען דעם.

דער קאַמפף געגען מיליטאַריזם האָט פון תמיד אָן שטאַרק פערנומען זשאָרעס'ען. ער, ווי אַלע, האָט פאָראויסגעזעהן דעם וועלט־קריעג און ער האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען ביי דעם געדאַנק, וואָס פאַר א חורבן ער וועט ברייגנען אויף דער ציוויליזאַציאָן, וואָס פאַר אַ כּענשען־אויסשלאַכטונג ער וועט אַרויסרופען. און ער האָט געפאָדערט פון די סאָציאַליסטען, זיי זאָלען ערקלערען „קריעג דעם קריעג". לויט זיין איניציאַטיווע איז דער פונקט געשטעלט געוואָרען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון שטוטגאַרטער אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס (1907). דאָך, האָט ער ניט איינגעשטימט מיט זיין לאַנדסמאַן הערווע, וועלכער האָט רעקאָמענדירט אין א רעזאָלוציאָן גענעראַל־סטרייק און פאָלקס־אויפשטענדע אלס מיטעל געגען מלחמה. ער איז דאַמאלס איינגעגאַנגען אויף בעבעלס רעזאָלוציאָן, אַז די סאָציאַליסטען פון יעדען לאַנד זאָל ערלויבט ווערען צו טהאָן דאָס, וואָס זיי געפינען פאַר נויטיג און פאַסענד לויט די אומשטענדען.

און ניט נור צו די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט האָט ער גערעדט און געוואַרענט געגען דער קומענדער געפאַהר, נור ער האָט אויך גערעדט צו די מאַסען, וואו נור ער האָט געהאַט א געלעגענהייט דערצו. נאָך דער שליעסונג פון דעם קאָנגרעס אין שטוטגאַרט האָבען די פאָרשטעהער פון אַלע לענדער גערעדט אויף א מאַסמיטינג אונטער'ן אָפענעם הימעל. זשאָרעס האָט גערעדט און קאַוטסקי האָט איבערזעצט. נאָכדעם האָט זשאָרעס ווידער געבעטען דאָס וואָרט און האָט גענומען ריידען דייטש. ער האָט גערעדט א שלעכטען דייטש, אָבער די מאַסע האָט איהם פערשטאַנען — ער האָט אין האַרציגע ווערטער אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע צום דייטשען פאָלק. ער איז שטורמיש און לאַנג אַפּלאָדירט געוואָרען.

עס איז שווער אין איין אַרטיקעל אַרומצורידען אַלץ, וואָס דיזער ענערגישער מאַן האָט אויפגעטהאָן פאַר דער מענשהייט. ניט אומזיסט האָט זיין צייטונג געטראָגען דעם

נאָמען „מענשליכקייט". קולטור, יושר, מענש־ליכקייט — דאָס זיינען געווען די פּרינציפּען, אויף וועלכע ער האָט געבויט זיין סאָציאַליזם. איינס ווילען מיר דאָ זאָגען: דאָס א דאַנק הויפּטזעכליך זיין טהעטיגקייט פאַר די לעצטע 9־10 יאָהר, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געוואַקסען און האָט דערגרייכט די מדרגה צו קענען שיקען 100 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַ־מענט.

איך קען דאָ אויך ניט ריידען וועגען זשאָרעסען אַלס היסטאָריקער, פילאָזאָף, פּוב־ליציסט און ליטעראַט און אויך ניט וועגען זשאָרעסען אַלס פּאָעט. יאָ, ער איז געווען א פּאָעט ניט נור אין דער נשמה, נור אין זיין שרייבען און ריידען.

אָט דיזער מאַן איז דאָס געפאַלען אין טאָג, ווען דער עסטרייך־סערבישער קריעג איז ערקלערט געוואָרען. אין זיין לעצטען לייט־אַרטיקעל, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אויף מאָרגען נאָך זיין טויט, וואַרענט ער זיינע לע־זער זיך צו פערהאַלטען רוהיג, זיך ניט אויפ־צורעגען געגען קיין פאָלק, כדי דיזער לאָקאַלער קריעג זאָל זיך ניט פערוואַנדלען אין א וועלט־קריעג. דער וואַרנונג געגען וועלט־קריעג איז געווידמעט זיין לעצטעס וואָרט. ער גלויבט ניט, אַז א וועלט־קריעג זאָל מעגליך זיין. אין צוויי טעג אַרום איז דער וועלט־קריעג געווען א פאַקט.

מיט צוויי וואָכען פריהער האָט ער אויף דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר גערעדט וועגען דעם, וואָס דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט טהאָן אום אָבצואוועהרען א קריעג — „א גענעראַל־סטרייק פון אַלע אַרבייטער!" — איז זיין פאָ־דערונג געווען. „עס וואָלט דאָך געווען א פערברעכען צו לאָזען די דייטשע און די פראַנ־צויזיישע אַרבייטער זיך אויסשלאַכטען איינע די אַנדערע" — האָט ער אויסגעשריען.

א גענעראַל־סטרייק — האָט ער געמיינט — ניט ווען די מלחמה איז שוין ערקלערט גע־וואָרען, נור ווען זי האַלט ערשט אין געבאָרען ווערען. אַז דאָס איז אונמעגליך דורכצופיה־רען בעווייזט שוין דער פאַקט, וואָס זשאָרעס אַליין, מיט צוויי טעג פאַר'ן וועלט־קריעג, האָט איהם ניט פאָראויסגעזעהן און האָט ניט בע־וויזען צו רופען צו א גענעראַל־סטרייק. מיט צוויי טעג שפּעטער, ווען קריעגס־רעכט איז ערקלערט געוואָרען אין דייטשלאַנד, איז שוין א גענעראַל־סטרייק אונדורכפיהרבאַר געווען.

ווען זשאָרעס וואָלט געלעבט, וואָלט ער בעשטימט ניט געזעסען מיט ליידיגע הענד. זיין ענערגיע וואָלט שוין געפונען אַן אויסוועג. און ווען פראַנקרייך וואָלט געטראָפען דער אומ־גליק, בעזיעגט צו ווערען, וואָלט ער געווען פאַר זיין פאָלק דער צווייטער גאַמבעטאַ, וועלכער האָט אין דער קריטישער שטונדע אויפגעהוי־בען דאָס פאָלק צו פערטיידיגען פראַנקרייך.

פראַנקרייך האָט ערצויגען זשאָרעסען אויפ'ן ביישפּיעל פון פיעלע גרויסע מענער איהרע, וואָס האָבען געלעבט פאַר איהם; אויף דעם ביישפּיעל פון זשאָרעסען וועט זי ערציהען נאָך פיעלע גרויסע מענער פאַר די צוקונפטיגע דורות. עס וואָלט אַן אומגליק געווען פאַר דער מענשהייט, ווען אַזאַ לאַנד זאָל אויסגעמעקט ווערען פון דער צאָהל פון די גרויסע לענדער.

אברהם רייזין

דעם ארבייטער'ס אורלויב

דער וויפילטער מאַי איז שוין היינט?
דער צעהנטער?... אָה, גאָט מיינער, גאָט!
ווי שעהן אויפ'ן פעלד די זון שיינט —
ווי דריקענד און שטיקענד אין שטאָדט!

אַך, אורלויב בעקום איך דאָך באַלד,
ס'איז מעגליך צוויי וואָכען, צי דריי!
ווי וועל איך מיך קיהלען אין וואַלד —
ווי וועל איך דאָרט פיהלען מיך פריי!

דער וויפיעלטער יוני איז היינט?
דער צעהנטער?... דער זומער ער פליהט!...
אָ, ליעבער, אָ, טהייערער פריינד —
קיין אורלויב בעקום איך נאָך ניט!

עס ברענען די הייזער, דער ברוק,
אָט צינדט זיך אין גאַס אָן די לופט!
ווי וואָלט איך אויף פעלד בלויז איין קוק
געגעבען און פיהלען זיין דופט!

דער וויפיעלטער יולי איז איצט?
דער דרייסיגסטער?... לוח, אָ, שטעה!
איך האָב נאָך קיין אורלויב אויך איצט,
באַלד שניידט מען אין פעלד אָב דעם היי.

באַלד נעהמט מען די תבואות אַוועק
און לעדיג וועט בלייבען דאָס פעלד...
אָ, פול ווערט מיין האַרץ מיר מיט שרעק:
דער זומער פערשווינדט פון דער וועלט!

דער וויפיעלטער אויגוסט איז היינט?...
עס רעגענט אין דרויסען און ס'גיסט!...
אַוועק איז דער זומער שוין, פריינד —
אוי, אָרימער מענש, וואָס דו ביזט!...

פיליפ קראַנץ

אַ בליק אויף די רעזולטאַטען פון וועלט־קריעג

א נאַר איז אַ נביא, זאָגט מען, געניויער געזאָגט, אַזוי זאָגען אידען. ווי ווייט איך ווייס עס, איז דאָס בלויז אַ אידיש ווערטעל, בעגרינדעט אויף אַ געוויסען מאמר אין דער גמרא, אַז נאָך דעם חורבן בית־המקדש איז די נבואה איבערגעלאָזען געוואָרען צו שוטים און קינדער.

יעדענפאַלס האָב איך דאָ בדעה צו זאָגען נביאות, ווי מען זאָל מיך ניט אָנרופען דערפאַר. איך וועל נעמליך פאָראויסזאָגען, ווי אַזוי דער היינטיגער וועלט־קריעג וועט זיך ענדיגען, ווער עס וועט שליסליך זיעגען און צו וואָס פאַר רעזולטאַטען דאָס וועט פיהרען אין דער גאַנצער וועלט. אויב איך וועל טרעפען, אַפילו אין די הויפּט־פּונקטען, אין אַלגעמיינע שטריכען, וועל איך צופריעדען זיין, ווען מען זאָל מיך מכבד זיין דערפאַר מיט'ן טיטעל „נאַר“.

* * *

נון, איך פאַנג אָן מיינע פּראָפעציייהונגען וועגען דעם וועלט־קריעג.

מיין ערשטע נבואה איז, אַז דייטשלאַנד *וועט בעזיעגט ווערען*.

דיזע נבואה איז בעגרינדעט אויף גאַנץ איינפאַכע געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע בעטראַכטונגען. אַ בליק אויף דער קאַרטע פון דער דייטשער אימפּעריע צייגט, אַז איהרע גרענעצען זיינען גראַדע שוואַך בעשיצט פון דער נאַטור. אַזוי ווי זי פערנעהמט דעם צענטער־איירּאָפּאַ, קען זי אַטאַקירט ווערען פון אַלע זייטען. דאַרום האַלטען עס די סטראַטעגען פון דייטשלאַנד און אויך פון אַלע מיליטערישע לענדער, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה דאַרף די דייטשע אַרמעע גלייך בעפאַלען דעם שונא, אַריינרייסען זיך אין דעם שונא'ס לאַנד, זיין אַגרעסיוו, און ניט וואַרטען און פערלאָזען זיך אויף די פעסטונגען, ביז דער שונא וועט אַטאַקירען.

אַזוי ווי די דייטשע נאַציאָן איז היינט די שטאַרקסטע אין איירּאָפּאַ און אויך די צאָהלרייכסטע, ניט רעכענענדיג די רוסישע, דאַרום איז אַזאַ אַגרעסיווע מיליטערישע אַטאַקע ריכטיג אויסגערעכענט, ווען עס זאָל קומען צו אַ מלחמה נור מיט *איין* אַנדער נאַציאָן. ווי באַלד דייטשלאַנד איז זיכער געגען אַטאַקעס אויף איהרע צוויי יבשה־זייטען, קען זי צוזאַמענציהען אַלע איהרע ריעזיגע מחנות, קאָנצענטרירען אַלע איהרע אונגעהייערע מיליטערישע קרעפטע אויף דער דריטער זייט, אום צו בעפאַלען דעם פיינד דאָרטען. אַזוי האָט עס פּאַסירט אין 1870, ווען די דייטשע אַרמעע האָט זיך געהאַט צו רעכנען בלויז מיט דער פראַנצויזישער, און ווען די אַנדערע מעכטע זיינען געבליבען נייטראַל.

היינט אָבער איז ניט נור, מעג מען זאָגען, *די גאַנצע וועלט*, אויסער עסטרייך, *געגען דייטשלאַנד*, אַפילו אויך די אַמעריקאַנער נאַציאָן, ווען מען זאָל רעכענען בלויז סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען, זאָנדערן איהרע שונאים גרייפען איהר אָן פון *דריי זייטען*. זי קען שוין דאַרום ניט קאָנצענטרירען אַלע איהרע מחנות אויף איין זייט. אין מזרח־זייט האָט זי זיך צו רעכענען מיט אַזאַ מאַכט ווי רוסלאַנד, און אין מערב־זייט האָט זי אויסצוהאַלטען די אַטאַקעס פון אַזעלכע צוויי מעכטע, ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד, ניט רעכענענדיג בעלגיען. צוזאַמען זיינען דיזע לענדער ניט נור שטאַרקער פאַר איהר, זאָנדערן האָבען אויך *מעהר פּונקטען איהר צו אַטאַקירען*, ווי זי זיי. דער קאַמפּף איז דאָ *אַן אונגלייכער*, ווי גוט אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט די דייטשע אַרמעע זאָל ניט זיין, ווען מען זאָל אַפילו אָננעהמען, אַז איין דייטשער סאָלדאַט קען בעשטעהן געגען צוויי רוסישע און אַנדערטהאַלבען פראַנצויזישע.

איינעם פון איהרע שונאים, גראַדע דעם שטאַרקסטען און וויכטיגסטען, קען דייטשלאַנד *פּשוט ניט אָנריהרען*. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז ענגלאַנד. אין דער צייט, ווען די ענגלישע פלאָטען קענען אַטאַקירען דייטשע פּאָרטען און אויך לאַנדען סאָלדאַטען אין פראַנקרייך, אין בעלגיען, אין עסטרייך און ז. וו. קענען די דייטשע אַרמעען גאָר ניט צוקומען צו דזשאהן בול'ס אינזעל און אַפילו ניט צו זיינע קאָלאָניעס אין אַלע וועלט־טיילען. אויך פראַנקרייך קען אַטאַקירען דייטשלאַנד אויפ'ן ים צוזאַמען מיט ענגלאַנד. אָט קענען פראַנצויזישע שיפען באָמבאַרדירען עסטרייכישע פּאָרטען אין דעם בוזים פון מיטעל־לענדישען ים, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַדריאַטישער ים, און דאָרטען לאַנדען סאָלדאַטען, ווען דאָס וועט נויטיג זיין פאַר איהר. אַזוי ווי עסטרייך

*) ווי דער לעזער וועט זעהן פון אַן אַנדער אַרטיקעל אין דיעזען נומער, זיינען מיר מיט מאַנכע פון גענ. קראַנץ'ס אויספיהרונגען ניט איינפערשטאַנען. און אויב דאָס רעדט אין אונז, ווי גענ. קראַנץ זאָגט, דער בלינדער האַס געגען צאַרישען רוסלאַנד, רעדט אָבער אויך אין איהם די בלינדע ליעבע צו פראַנקרייך און ענגלאַנד. די רעדאַקציאָן.

איז די איינציגע מדינה, וועלכע שטיצט דייטשלאַנד, איז עס דאָך זעלבסטפערשטענדליך, דאָס יעדער קלאַפּ, וואָס די האבסבורגער מאָנארכיע וועט קריגען, וועט אַלץ מעהר אָבשוואַכען דייטשלאַנד.

פראַנקרייך קען היינט אַטאַקירט ווערען פון דייטשלאַנד בלויז פון איין זייט, און אַזוי ווי זי איז געזיכערט פון אַלע איהרע אַנדערע זייטען דורך די נייטראַליטעט פון איטאַליען און פון שפּאַניען, קען זי קאָנצענטרירען איהרע מחנות, וועלכע זיינען ניט פיעל קלענער פאַר די דייטשע און זיינען אויך אַזוי גוט דיסציפּלינירט און בעוואָפענט, ווי די דייטשע, לויט די פערזיכערונגען פון אונפּאַרטייאישע מיליטערישע עקספּערטען (פון פיעלע זייטען ערקלערט מען, אַז די פראַנצויזישע קאַוואַלעריע און אויך אַרטילעריע איז אין אַלגעמיינען אַ בעסערע פאַר די דייטשע; איינציגע סאָרטען פראַנצויזישע קאַנאָנען איבערשטייגען אין זייער וועיט־שיסענדער און צושטערענדער קראַפט די בעריהמטע קרופּ־האַרמאַטען) — אין געוויסע פונקטען לעבען איהר מזרח־גרענעץ און פון דאָרטען אַריינדרינגען אין דייטשלאַנד, ווי זי האָט עס טאַקע געטהאָן גלייך אין אָנפאַנג פון דיעזען שוידערליכען וועלט־קריעג, אין עלזאַס־לאָטערינגען, אום צוריק צו געווינען די צוויי פּראָווינצען, וועלכע זי האָט פערלאָרען מיט 43 יאָהר צוריק צום אונגליק פון דער גאַנצער מענשהייט.

איך אונטערשטרייך דאָ די ווערטער: „צום אונגליק פון דער גאַנצער מענשהייט“, ווייל מען מעג זיכער זאָגען, דאָס ווען די דייטשע רעגיערונג אונטער דער לייטונג פון דעם אייזערנעם קאַנצלער ביסמאַרק וואָלט ניט אין 1871 געהאַנדעלט אַזוי האַבזיכטיג און יונקעריש געגען פראַנקרייך, וואָלט אייראָפּאַ ניט אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַזאַ בעוואָפענטען לאַגער, און די מיליטערישע לאַסט וואָלט ניט געוואָרען אַזוי שווער און אויסצעהרענד. העכסט וואַהרשיינליך וואָלטען דאַן פראַנקרייך און דייטשלאַנד ניט נור געלעבט ווי פריינדליכע שכנים, ווי דאָס האָט בעדאַרפט און דאַרף זיין אין די אינטערעסען פון פריעדען און פּראָגרעס, זאָנדערן זיי וואָלטען אויך געהאַנדעלט צוזאַמען געגען רוסלאַנד.

היינט האָט דייטשלאַנד נאָך אַ שונא, וואָס איז פיעל שטאַרקער פאַר אַלע גרויסמעכטע צוזאַמענגענומען. דער נאָמען פון דיעזען שונא איז — הונגער. וויפיעל שפּייז די דייטשע רעגיערונג האָט ניט אָנגעגרייט פאַר איהרע סאָלדאַטען און בכלל פאַר די 65 מיליאָן מיילער אין פאַטערלאַנד, וועט עס קוים גענוג זיין אויף אַ האַלבען יאָהר. נור פון איין פּרעמדע מדינה קענען היינט דייטשען קריגען שפּייזוואַרג, און דאָס איז עסטרייך. אָבער אַזוי ווי די לעצטע דאַרף איצט צוזאַמענקלייבען אַלע איהרע זאַפּאַסען פאַר איהרע אייגענע מיילער, וועט עס זעהר ווייניג בלייבען פאַר די מיילער פון דער דייטשער אימפּעריע.

וואָס לענגער דיעזע מלחמה וועט זיך ציהען, אַלץ טרויעריגער וועט עס ווערען אין פאַטערלאַנד, און אַלץ גרעסער וועט דאָרטען ווערן די הונגער־נויט. אַלע וועגען צו דייטשע פּאָרטען זיינען דאָך שוין אָבגעשניטען געוואָרען. ענגלאַנד בלייבט די אַלמעכטיגע הערשערין אויפ'ן ים, בעזאָנדערס מיט דער הילפע פון די פראַנצויזישע און אויך יאַפּאַנעזישע פלאָטען. די ענגלישע קריעג־שיפען האַלטען איינגעשלאָסען די דייטשע אין באַלטישען מעער הינטער די פעסטונגען פון דעם קיעל־קאַנאַל, און די פראַנצויזישע קריעגס־שיפען האַלטען איינגעשלאָסען די עסטרייכישע הינטער די קאַנאָנען פון די בעפעסטיגטע אדריאַטישע פּאָרטען. ענגלאַנד און פראַנקרייך קענען דאָרום קריגען פּראָוויאַנט פון אַלע עקען וועלט, און רוסלאַנד האָט דאָך גענוג אייגענע שפּייכלערס. זיי זיינען דאָרום געזיכערט געגען הונגער, ווען די מלחמה זאָל זיך ציהען אַפילו אַ פּאָאַר יאָהר.

מיר זעהען דאָך, ווי דער ריזיגער אויסלענדישער האַנדעל פון דער דייטשער אימפּעריע איז שוין צושטערט געוואָרען. אין דער צייט, ווען ענגלישע און אויך פראַנצויזישע האַנדעלס־שיפען קרייצען דעם אַטלאַנטיק און שווימען איבער אַלע אָקעאַנען, בלייבען די דייטשע שיפען בעהאַלטען אין פערשיעדענע פּאָרטען, פון וועלכע זיי וואַגען ניט אַרויסצולאָזען זיך.

ווי לאַנג קען עס אויסהאַלטען אַזאַ געדיכט־בעפעלקערטע מדינה ווי דייטשלאַנד? די דייטשע אימפּעריע איז דאָך אונגעפעהר אַזוי גרויס, ווי פראַנקרייך אין שטח, אָבער זי צעהלט וועניגסטענס מיט 25 מיליאָן מיילער מעהר פאַר פראַנקרייך.

דערויף רעכענען טאַקע היינט זעהר פיעל אַלע שונאים פון דייטשלאַנד. ספּעציעל ספּעקולירען דערויף די פּראַקטישע ענגלענדער, וועלכע האָבען צייט צו וואַרטען אויף זייער אינזעל און אויך אין זייערע קאָלאָניעס, צו וועלכע די דייטשען קענען ניט צוקומען. דער האַנדעל און אינדוסטריען פון ענגלאַנד, ווי אויך פון פראַנקרייך, ווערען פּאַרטגעזעצט אַזוי גוט, ווי עס איז נור מעגליך אין קריעגס־צייטען, וועהרענד אין דייטשלאַנד און אויך אין עסטרייך וועלען טאַקע אַלע רעדער בלייבען שטעהן אויסער די מיליטערישע.

אָט וואָרום איך קום צום שלוס, אַז דייטשלאַנד וועט געשלאָגען ווערען. איך דענק, אַז מען דאַרף גאָר קיין פּראָפעט ניט זיין דאָס פּאָראויסצוזאָגען. דאָס וואַרפט זיך פשוט אין די אויגען.

* * *

מיין צווייטע נבואה איז, אז די נידערלאגע פון דייטשלאנד וועט ברענגען נוצען פאר די גאנצע מענשהייט, אז נאך דעם וועלען די רעדער פון פראגרעס האסטיגער געטריבען ווערען.

פון ערשטען בליק קען זיך אויסווייזען, אז דאס איז זאנדערבאר, זאגאר ווילד־משוגע; אבער ווען מען נעהמט אין בעטראכט, דאס דער זאגענאנטער „בעוואפענטער פריעדען“ איז ארויס פון דייטשלאנד, דאס די דייטשע רעגיערונג האט זיך ציניש ענטזאגט פון אירגענד וועלכע פארשלעגע צו פערקלענערען די בעוואפנונגען און האט דערמיט, נאטירליך, געטריבען אלע אנדערע לענדער, ספעציעל טאקע פראנקרייך, צו פערגרעסערען אלץ זייערע בעוואפנונגען, מוז מען אנערקענען, אז ווען די מיליטערישע מאכט פון ווילהעלם־לאנד וועט געבראכען ווערען, וועט אויך די פרייסישע מיליטערישע סיסטעם צושמעטערט ווערען און די מיליטערישע לאסט וועט יעדענפאלס פערקלענערט ווערען. ענגלאנד, וועלכע איז אייגענטליך קיין מאל ניט געוועזן א מיליטערישע מדינה, און אויך די היינטיגע רעפובליקאנישע פראנקרייך, וועלען האפענטליך פאדערן, אויב זיי וועלען זיין זיעגרייך, ווי דאס איז צו ערווארטען, אז אלע לענדער זאלען פערקלענערען די אויסצעהרענדע בעוואפנונגען.

די יעניגע, וואס מיינען, אז דורך דעם, וואס דייטשלאנד וועט בעזיעגט ווערען, וועט רוסלאנד אנהויבען צו פיהרען די רעדעל אויף דעם אלטען ניקאלאיעווסקען שטייגער און אייראפא וועט, רחמנא לצלן, גאר קאזאקיש ווערען, ווי נאפאלעאן האט זיך א מאל אויסגעדריקט, האבען גליקליכערווייזע א גרויסען טעות. אבגעזעהען דערפון, דאס די אמת'ע זיעגער וועלען אייגענטליך זיין ענגלאנד און פראנקרייך, די פרייעסטע לענדער אין דער אלטער וועלט, די שטארקסטע און גרעסטע פעסטונגען פון דעמאקראטיע אין אלגעמיין, און זייערע אינטערעסען זיינען און וועלען זיין, זעלבסטפערשטענדליך, געגען איבערלאזען צופיעל מאכט און אויך טעריטאריע צו דער צארסקער רעגיערונג; אבגעזעהען דערפון וועט דער צאר געצוואונגען זיין דורך דעם אינערליכען פאליטישען און סאציאלען קאמפף אין זיין אימפעריע צו בעווילינגען אלץ מעהר רעפארמען און ארונטערצושלינגען אויף א שטיקעלע קאנסטיטוציע מיט א שטארקערען פארלאמענט.

די צייט, ווען אייראפא האט געהאט צו שרעקען זיך פאר קאזאקען, איז יעדענפאלס פאראיבער, צום גליק פון דער ציוויליזירטער מענשהייט. די געפאהר קומט היינט ניט פון די רוסישע קאזאקען, נור פון די דייטשע יונקערס, וועלכע זיינען די שטארקסטע זיילען פון די אויסצעהרענדע שטענדיגע ארמעען, פון דער רעקרוטשינע, פון אונאויפהערליכע בעוואפנונגען, פון דעם גאנצען מאדערנעם מיליטאריזם. עס איז געקומען די צייט צו צושמעטערן דיעזע געפעהרליכע רעאקציאנערע מאכט, געפעהרליך ניט נור מיט איהרע פויסטען, מיט איהר מיליטערישער דיסציפלין, זאנדערן אויך מיט איהרע קעפ, מיט איהרע מיליטערישע קענטניסע.

אויב דייטשלאנד זאל איצט זיעגען, וועלען די וואלקענס פון דער יונקערשער רעאקציאן, פון דער סאלדאטסקער הערשאפט פערשפרייט ווערען איבער אייראפא, און דאס מיינט איבער דער גאנצער וועלט. א זיעג פון דייטשלאנד הייסט א זיעג פון דער סאלדאטעסקא, פון דער יונקערסטווע איבער ענגלאנד און פראנקרייך, איבער די פרייסטע לענדער. די גאנצע וועלט וועט דאן ליגען אונטער דעם שווערד פון דעם דייטשען קייזער מיט „גאטעס גנאדען“. מען דארף זיין פערבלענדט פון דעם דייטשען מארדפאטריאטיזם אדער פון דעם בלינדען האס צו רוסלאנד פאר איהרע בארבארייען געגען אידען, אום דאס ניט צו פיהלען און ניט צו זעהען.

ווען עס וואלט געפיהרט ווערען א מלחמה נור צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד, וואלטען אלע אמת'ע פריינדע פון פרייהייט און פראגרעס בעדארפט טאקע סימפאטיזירען מיט דייטשלאנד; אבער מען דארף אין זינען האבען, אז היינט האנדעלט עס זיך וועגען א קאמפף פאר די אויבערהערשאפט צווישען דייטשלאנד מיט עסטרייך פון איין זייט, און ענגלאנד מיט פראנקרייך פון דער אנדער זייט. אין אזא קאמפף מוזען שוין פריינדע פון פרייהייט, פון דעמאקראטיע, פון פראגרעס ארויסטרעטען געגען דייטשלאנד, גענויער גערעדט, געגען דעם דייטשען מיליטאריזם, געגען די יונקערסטווע.

ווען דייטשלאנד וועט געווינען, וועלען די קריעגערישע יונקערס, וועלכע זיינען געפעהרליכער פאר קאזאקען, ניט נור פיהרען די גרענדע אין פאטערלאנד, זאנדערן אויך אין דער וועלט. זיי וועלען, נאטירליך, געברויכען זייער מיליטערישע מאכט, זייער בארבארישען „זיעגערס־רעכט“ צו פערכאפען ווייטער פרעמדע לאנד אין אייראפא, צו שטיקען שוואכערע נאציאנען, ווי זיי האבען עס געטהאן מיט די דענעמארקער אין שלעזוויג־האלשטיין, מיט די פאליאקען אין פאזען, מיט די פראנצויזען אין עלזאס־לאטרינגען. זיי וועלען געוויס איינשלינגען די קליינע בעלגיען און אויך האלאנד. אה, די יונקערס האלטען היינט פון פויסט־רעכט

אַזוי ווי אַמאָל די רויבערישע באַראָנען, זייערע פאָרפאַטערס אין מיטעלאַלטער!

ווען אָבער ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלען געווינען, וועט מען שוין ניט כאַפּען קיין לאַנד ביי די קליינע נאַציאָנען אין אייראָפּאַ. דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע רעכטע וועט ניט נור אַנערקענט ווערען אין טהעאָריע, זאָנדערן וועט אויך אויפגעהאַלטען ווערען אין דער פּראַקטיקע.

עס איז דאָך איבריג צו זאָגען, אַז ענגלאַנד האָט ניט בדעה צו פערנעהמען אַפילו א פוס לאַנד אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט. זי וויל נאָר אָנהאַלטען איהר איבערמאַכט אויפ'ן ים און בעפעסטיגען איהר ריזיגע אימפּעריע מיט וואָס ווייניגער בעוואַפנונגען און איבערהויפּט מיט קלענערע מיליטערישע אויסגאַבען.

וואָס אָנבעלאַנגט צו פראַנקרייך, וועט זי נאַטירליך קריגען צוריק איהרע צוויי פּראָווינצען, וואו די בעפעלקערונג איז ניט גערמאַניזירט געוואָרען טראָץ אַלע צוואַנגס־מיטלען און פערפאָלגונגען פון דער פּרייסישער רעגיערונג; אָבער זי וועט ניט בעגעהן דעם פעהלער און אויך די געמיינהייט, די באַרבאַריי, דעם פערברעכען צו פערכאַפּען א דייטשע פּראָווינץ. די פראַנצויזישע נאַציאָן וועט זיך פּשוט וועלען אויספּיינען מיט גרויסמוטה. ווען די בורזשואַזע שטאַאַטס־מענער און גענעראַלען אין פראַנקרייך זאָלען אַפילו וועלען א כאַפּ טהאָן א שטיק לאַנד ביי די דייטשען, אום זיך אָפּצורעכנען מיט דעם קייזער און זיינע יונקערס, אום צו נעהמען „רעוואַנש", וועלען עס די סאָציאַליסטען און אויך ראַדיקאַלען ניט דערלאָזען אין נאָמען פון נאַציאָנאַליטעט און מענשליכקייט. די סאָציאַליסטען זיינען ווירקליך א פּאָליטישע מאַכט אין פראַנקרייך, זיי צעהלען ניט אַזוי פיעל שטימען ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דייטשלאַנד, אָבער זיי זיינען אויך רעוואָלוציאָנערען....

די פּאָליטישע קאַרטע פון וועסט־איירא־פּאַ וועט ניט געענדערט ווערען דורך אַן ענגליש־פראַנצויזישען זיעג, ניט רעכענענדיג עלזאַס־לאָטרינגען, וועלכע זיינען פאַקטיש פראַנצויזישע פּראָווינצען, אַזוי דאָס עס וועלען ניט זיין קיינע נייע נאַציאָנאַלע שטריטען און קיינע נייע אורזאַכען פאַר ווייטערע בעוואַפנונגען.

אין מזרח־איירא־פּאַ וועט יעדענפאַלס פאָרקומען אַן ענדערונג פון דער פּאָליטישער קאַרטע. אין פאַל פון א דייטש־עסטרייכישען זיעג, וועט רוסלאַנד פערלירען א טהייל פון איהר טעריטאָריע, וואַהרשיינליך קורלאַנד און ליפלאַנד, וועלכע זיינען טיילווייז דייטשע געגענדען. אין פאַל פון א פראַנצויזיש־רוסיש־ענגלישען זיעג, וועט ליידען בעזאָנדערס די האַבסבורגער מאָנאַרכיע. די פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז שוין אַרויסגעלאָזען געוואָרען צום פּוילישען פאָלק אין נאָמען פון צאַר, וועגען אויטאָנאָמיע פאַר פּוילען, צייגט אָן, אַז די רוסישע רעגיערונג האָט אין אויג צו פערכאַפּען גאַליציע ביי עסטרייך.

אויב די רוסישע רעגיערונג וועט טאַקע האַלטען אַזעלכע פערשפּרעכונגען, ווי אין דער פּראָקלאַמאַציאָן צום פּוילישען פאָלק, דאָס בלייבט צו זעהען. אָבער עס איז זיכער, אַז דערמיט האָט זי שוין געוואונען די סימפּאַטיען פון די פּאָליאַקען. דאָס ווערט איבעראַל אַנערקענט פאַר א גוטען און קלוגען דיפּלאָמאַטישען שריט פון דער רוסישער רעגיערונג. די פּוילישע פּאַטריאָטען וועלען זיכער איצט העלפען רוסלאַנד אין דעם קאַמפּף געגען דייטשלאַנד, וועלכע זיי האָבען שטענדיג מעהר געהאַסט ווי צאַרענלאַנד.

נאָך אַלעמען, ווי ווייניג צוטרויען מען זאָל ניט האָבען צו פערשפּרעכונגען פון דעספּאָטען צו פעלקער, וועט די רוסישע רעגיערונג דאָך מוזען צואוואַרפען א ביינדעל די פּאָליאַקען, אום צו צוציהען זייער מיטווירקונג און סימפּאַטיען. מען מעג אויך אָננעהמען, אַז פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע האָבען שטענדיג סימפּאַטיזירט מיט פּוילען, וועלען געברויכען זייער איינפלוס, אַז רוסלאַנד זאָל טאַקע געבען אויטאָנאָמיע דעם פּוילישען פאָלק און אויך ליידען דעם „יעווריעסקי וואָפּראָס", ערלייכטערן כאָטש עטוואָס די לאַגע פון אידען אין רוסלאַנד, אום דערמיט צו פערשטאַרקען אויך זייערע אייגענע פּאָזיציעס געגען דייטשלאַנד און עסטרייך.

א דייטשע נידערלאַגע קען אַזוי גאָר פיהרען צו גאַנץ אונערוואַרטעטע רעזולטאַטען אין דער נאָהענטער צוקונפט: צו אַ פּאָליטישער אויפלעבונג פון פּוילען און צו א פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציאָן פון אידען אין דער רוסישער אימפּעריע!... דאָס איז, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, צו גוט צו גלויבען.

וועגען די אויטאָנאָמיע פון פּוילען קען מען זאָגען, אַז דאָס ליעגט היינט אין די פּאָליטישע אינטערעסען פון דער רוסישער אימפּעריע. פאַר רוסלאַנד איז וויכטיג צו שאַפען א מדינה, וואָס זאָל דיענען אַלס א „בופער־סטייט", ווי מען זאָגט עס אויף ענגליש, אָדער פּשוט אַלס וואַנד צווישען די רוסישע און דייטשע אימפּעריעס. עס פערשטעהט זיך, אַז ווען אַלע טיילען פון אמאָליגען פּוילישען קעניגרייך זאָלען איצט פערבונדען ווערען אַפילו אונטער דעם רוסישען צאַר, וועלען די פּאָליאַקען ווערען צוגעבונדען צו דער רוסישער אימפּעריע. דאָס וועט זיין א שטאַרקער

קלאַפּ פאַר די אמביציעס און שטרעבונגען פון דייטשלאַנד און עסטרייך צוזאַמען.

* * *

נאַטירליך, רוסלאַנד וועט דורך דעם שטייגען אין מאַכט. דאָס איז אייגענטליך די איינציגע שלעכטע זייט פון א דייטשער נידערלאַגע אין דער היינטיגער מלחמה. אָבער אין שלימסטען פאַל וועט שוין רוסלאַנד ניט קענען פיהרען די גרענדע אין דער וועלט און שפּיעלען די ערשטע פּיעדעל אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנצערט. דאָס וועלען איהרע איצטיגע „הייסע“ פריינד, ענגלאַנד און פראַנקרייך, ניט דערלאָזען. עס ליעגט גאָר ניט אין די אינטערעסען פון ענגלאַנד און אַפילו ניט פון פראַנקרייך, דאָס די רוסישע אימפּעריע זאָל ווערען צו שטאַרק.

נור ווען עס זאָל זיך טאַקע אויסלאָזען, אַז רוסלאַנד זאָל פיעל פערגרעסערען איהר טערריטאָריע אויף דער רעכנונג פון עסטרייך און אויך פון דייטשלאַנד און זאָל פון איין זייט קענען זיך שטיצען אויף א פעראייניגטען פּוילען, און פון דער אַנדער זייט אויף אַ פערגרעסערטע סערביען מיט א צוטריט צום ים — און מען דאַרף גאָר קיין נביא ניט זיין פאָראויסצוזאָגען, אַז סערביען וועט זיך דערשלאָגען ביז אַ פּאָרט ביים אַדריאַטישען ים, אויב דייטשלאַנד וועט בעזיעגט ווערען; צו וואָס זי איז טאַקע בערעכטיגט — ווען דאָס אַלעס זאָל ווירקליך פּאַסירען, איז עס נאָך א פראַגע, אויב דאָס וועט זיין א שטערונג פאַר דעם ווייטערן פראָגרעס פון אייראָפּאַ, אויב דאָס וועט טאַקע זיין א געפאַהר פאַר די פּאָליטישע פרייהייטען פון די פעלקער.

געוועהנליך מיינט מען, אַז ווען די רוסישע רעגיערונג זאָל ווידער קריגען א נידערלאַגע, וועט דאָס אָבשוואַכען איהר טיראַניי און זיין א קלאַפּ פאַר די זעלבסטהערשאַפט פון צאַר. מען דערמאָהנט זיך דערביי אָן דער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אויסגעבראָכען נאָך די רוסישע מפּלות אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן. אָבער פיעלע אַנדערע אומשטענדען האָבען דאמאָלס דערצו בייגעטראָגען, און די געשיכטע ווידערהאָלט זיך געוועהנליך ניט. אויסערדעם האָט די רעאקציאָן דאָך געזיעגט. שוואַרצע כמאַרעם בעדעקען אַלץ דעם הימעל פון צאַרענלאַנד, און די שוואַרצע מאות טריאומפירען נאָך....

די ווירקונגען פון זיעגען און נידערלאַגעס אויף א פאָלק זיינען בכלל פערשיעדען אין פערשיעדענע צייטען און אונטער פערשיעדענע אומשטענדען.

דיזעס מאָל קען גראָד זיין, אַז א זיעג פאַר די רוסישע אַרמעע זאָל אויך זיין א זיעג פאַר פרייהייט אין דער רוסישער אימפּעריע. דאָס קען קומען טהיילווייז דורך דעם צוזאָג צו געבען פּוילען אויטאָנאָמיע, א צוזאָג, וואָס די רוסישע רעגיערונג וועט מוזען האַלטען, ווי אויבען געזאָגט, צוליעב איהרע **אייגענע פּאָליטישע אינטערעסען** און אויך צוליעב די אינטערעסען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך און בכלל צוליעב דעם **אייראָפּעאישען גלייכגעוויכט**. דאָס וועט זיך שוין מוזען אָפּרופען **צום גוטען אויף רוסלאַנד גופא**. ווי אַזוי וועט די רוסישע רעגיערונג קענען געבען מעהר פרייהייט צו די פּאָליאַקען ווי צו די רוסען גופא? אויטאָנאָמיע פאַר פּוילען מיינט אויך שליעסליך א **קאָנסטיטוציע פאַר די גאַנצע רוסישע אימפּעריע**.

* * *

וועגען דעם שיקזאַל פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד, קען איך דערווייל זאָגען פאָלגענדעס. ווען דער אַנטיסעמיטיזם וואָלט געקומען נור פון דער רוסישער רעגיערונג, וואָלט די צרה ניט געווען אַזוי גרויס און ביטער. צום אומגליק אָבער האָט מען איינגעוואָרצעלט א האַס צו אידען אין די פערפינסטערטע מאַסען פון רוסישען פאָלק, ווי דאָס צייגט זיך אַרויס דורך די פערשפּרייטונג פון שוואַרצע מאות. עס נעהמט לאַנג, זעהר לאַנג, איידער מען קען אָבשוואַכען די פאָרורטיילען און אַנטיפּאַטיען פון א פאָלק. נור מען מעג פון דעסטוועגען זיך טרייסטען, דאָס ווען פּוילען וועט בעקומען פיעל־ווינציג אויטאָנאָמיע און די גאַנצע רוסישע אימפּעריע אַ קאָנסטיטוציאָן, וועט עס אויך **זיין בעסער פאַר אידען**. מען וועט דאָך מוזען געבען עפּעס מעהר רעכטע אויך די אידישע „בירגער“.

יעדענפאַלס וועט דאָך דאן די לאַגע פון אידען ניט ערגער ווערען, ווי יעצט, אָדער ווי זי קען זיין אין פאַל רוסלאַנד זאָל בעזיעגט ווערען און אַפילו כאַפּען נאָך ערגערע מפּלות ווי מיט צעהן יאָהר צוריק אויף די שלאַכטפעלדער פון מאַנדזשוריא. עס איז דאָך **ניטאָ קיין שום גרונד** אָנצונעהמען, אַז אונזערע ברידער וועלען בעסער בעהאַנדעלט ווערען, ווען רוסלאַנד וועט בעזיעגט ווערען, איידער ווען זי וועט זיעגען צוזאַמען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך. מיר שיינט, אַז עס דאַרף זיין א טובה אויך פאַר אידען אין רוסלאַנד, ווען די פרייעסטע לענדער פון אייראָפּאַ וועלען זיין זיעגרייך און פיהרען די וועלט. עס איז דאָך א כלל גדול, אַז **פרייהייט פאַר די וועלט מיינט אויך פרייהייט פאַר די אידען**, אַז וואָס גלאַטער און ברייטער מען מאַכט דעם וועג פאַר פראָגרעס, אַלץ בעסער איז עס פאַר דעם אידישען פאָלק.

עס איז דאַרום אויך **אין די אינטערעסען פון די אידען** בכלל און פון די רוסישע אידען בפרט, אַז דער איצטיגער וועלט־קריעג זאָל זיך ענדיגען צו גונסטען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַפילו רוסלאַנד.

* * *

מיין דריטע נבואה איז, אז נאָך דעם קריעג וועט סיי ווי סיי פאָרקומען אַ ראַדי־קאַלע ענדערונג אין דער טאַק־טיקע און אויך פראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. איך זעה פאָראויס אַ שטאַרקע רעוואָלו־ציאָנערע ריכטונג אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. נור די בעגרינדונג און בעטראַכטונג פון דיזער נבואה וועל איך שוין לאָזען פאַר אַן אַנדער אַרטיקעל, ווען די שטעל־לונג פון סאָציאַליסטען אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און בעזאָנדערס אין דייטשלאַנד צו דער מלחמה און צו דעם מאָרד־פּאַטריאָטיזם וועט אונז מעהר בעקאַנט ווערען.

ניו יאָרק, 22 אויגוסט, 1914.

יהואש

צווישען די וויינגערטנער

צווישען די גערטנער פאַראַן איז אַ וועג,
 פאַרטרונקען אין דופט פון מאראנצען,
דאָרט וואַרט ביז די יונגע לבנה פאַרגעהט,
 און שוואַרץ איז די געגענד אין גאַנצען . . .

דיין ביקס אויפ׳ן אַקסעל און גרייט אויפ׳ן פערד —
 און מיר האַלט געזאָטעלט אַ צווייטען . . .
כ׳וועל קומען ווען יעדער וועט שלאָפען אין הויז,
 דורך פינסטערע שטעגען און בייטען . . .

און מיטברינגען וועל איך צוויי רויזען, געפליקט
 פון גערטעל וואָס וואַקסט ביי מיין פענסטער,
די ווייסע זיך שטעק איך אַריין אין די האָאר,
 און דו קריגסט די רויטע, מיין שעהנסטער . . .

דאן שנעל אויפ׳ן זאָטעל און טוז! דורכ׳ן פעלד,
 עס וועט דיר ניט העלפען קיין בעטען,
אַ דריק מיט די שפּאָרען . . . איך וויל זיך מיט דיר
 פאַרמעסטען און געהן אין געוועטען . . .

וועט סאָפּען דער נאַכט־ווינד פון ריחות בערוישט,
 און קלאַגען פון ווייט די שאַקאַלען . . .
א שאָס פון די כרמים וועט הערען זיך אָפּט,
 און אָפּטמאָל אַ שטערען וועט פאַלען . . .

וועט פלאַטערען ווייס מיין אַבאַיע אין לופט,
 וועט נעצען דער נאַכט־טהוי מיין שטערען,
וועסט דו ניט און איך ניט מעהר ריידען אַ וואָרט,
 נאָר קלאַפּען דיין האַרץ וועל איך הערען . . .

און קלאַפּען מיין האַרץ וועט אַן ענטפער צו דיר —
 אַזוי ווי אַ האַמער וואָלט שלאָגען . . .
וועט גיכער און העכער זיך הויבען די ברוסט,
 און שנעלער דעם פערד וועל איך יאָגען . . .

ביז איינציהען וועל איך דעם צוים מיט אַמאָל —
 דו זאָלסט זיך, מיין גבור, ניט שרעקען . . .
ס׳איז פינסטער און אָנזעהן דיך וויל איך פון נאָהנט,
 און וויל דיך מיט קושען בעדעקען . . .

רחבות, יוני, 1914.

דר. האנס היינץ עווערס

דער פּאַנגערמאַניזם

עס איז דאָ אין דייטשלאַנד אַ פּאַרטיי, וועלכע רופט זיך די אַלדייטשע. זי איז אַזוי קליין אין צאָהל, דאָס זי האָט אפילו ניט קיין איינציגען דעפּוטאַט אין רייכסטאג — נאָך מעהר, זי שטעלט אפילו ניט אַרויס קיין קאַנדידאַטען. אין איהר פּרעסע שטרייכט זי שטאַרק אונטער איהר דייטשען נאַציאָנאַליזם און אויף אַזוי ווייט איז זי אויך אַנטיסעמיטיש. אָבער איהר אַנטיסעמיטיזם איז ניט קיין העצ־אַנטיסעמיטיזם, דאָס איז אַ מין רוהיגער, אויסגעליטערטער, אָביעקטיווער אַנטיסעמיטיזם. די אַלדייטשען אַנערקענען אפילו איינינע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון די אידען, זיי האָבען אַ גוט וואָרט פאַר'ן ציוניזם. די פּאַרטיי האָט אַלזאָ גאָרנישט צו טהאָן מיט דער אַמאָליגער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי־גרופּפּקעלע, וועלכע האָט אין די 90ער יאָהרען אָנגעמאַכט אַזאַ רעש אין דייטשלאַנד און וועלכע האָט איצט פערלאָרען יעדע בעדייטונג.

אָבער ווי קליין די איצטיגע פּאַרטיי זאָל ניט זיין, איז איהר איינפלוס גאָר ניט קיין קליינער. דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס דער פּאַנגערמאַנישער געדאַנק האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין פיעלע טיילען פון פאָלק, אין אַזעלכע טיילען, וועלכע האָבען אפילו קיין אהנונג ניט, אַז עס עקזיסטירט אַן אַלדייטשע פּאַרטיי, און וועלכע וואָלטען אויף אַ רגע ניט איינגעשטימט מיט די איבריגע טענדענצען פון דער פּאַרטיי.

עס איז מערקווירדיג גענוג, דאָס דער ערשטער, וועלכער האָט אויפגענומען און ענטוויקעלט דעם פּאַנגערמאַנישען געדאַנק, איז ניט געווען קיין דייטש, נור אַן ענגלענדער — יוסטאַן סטוּאַרט טשעמבערלייִן. דאָס איז דער געדאַנק וועגען דער איינהייט פון דער גרויסער גערמאַנישער ראַסע.

צו דיזער ראַסע געהערען די דייטשען, די ענגלענדער, די סקאַנדינאַווען: דענעמאַרקער, נאָרוועגער, שוועדען, די האָלענדער און פלעמען, די שווייצער און לוקסעמבורגער, די דייטש־עסטרייכער, דייטש־אונגאַרן און דייטש־רוזען. אין אַ ברייטערן זין אויך די קאַנאַדער, אַמעריקאַנער, אויסטראַליער און זיד־אַפריקאַנער.

צו אָט דער גרויסער גערמאַנישער ראַסע זאָל געהערען די וועלט־הערשאַפט: דאָס איז דער פּאַנגערמאַנישער אידעאַל! עס איז אינטערעסאַנט, דאָס דעם געדאַנק האָט שוין אַ צייט פריהער אַן אַנדערער אַרויסגעזאָגט: דער אידישער פּריים־מיניסטער פון ענגלאַנד — לאָרד ביקאָנספילד (ד'איזראַעלי). ער האָט געזאָגט: נור צוויי ראַסען קענען די וועלט בעהערשען — די גערמאַנישע און די סעמיטישע — און זיי וועלען עס אויך טהאָן... אויב זיי וועלען געהן זאַלבענאַנד!...

אַז אַלע גערמאַנישע פעלקער, פערמישט מיט דעם זויער־טייג פון יודענטום, זאָלען די וועלט בעהערשען — דאָס איז דער אידעאַל פון ד'איזראַעלי, דאָס איז אויך דער אידעאַל פון פּאַנגערמאַניזם!

מען זעהט, אַלזאָ, אַז דער פּאַנגערמאַנישער געדאַנק ווענדעט זיך בשום אופן ניט געגען ענגלאַנד און אַמעריקאַ, פערקעהרט, זיין מיין איז — אַ וואָס ענגערע פערבינדונג פון דיזע לענדער מיט דייטשלאַנד; ער שאַרפט אויך ניט זיין שפּיץ געגען דער ראָמאַנישער ראַסע, וואָרים מצד דער ראָמאַנישער ראַסע זעהט זיך ניט קיין געפאַהר פאַר דער גערמאַנישער. געגען וועמען זשע איז זיין שאַרף געווענדעט? געגען די ראַסען, פון וואַנען עס קומט די געפאַהר — געגען די פאַרביגע און די סלאַווישע ראַסע.

אין דיזען זינען זיינען פּאַנגערמאַניסטען די אויסטראַליער, די קאַנאַדער און די אַמעריקאַנער פון דער וועסט, ווען זיי ווילען ניט צולאָזען צו זייערע ברעגען די כינעזער, יאַפּאַנעזער און הינדוסען. פּאַנגערמאַניסטיש האַנדלען אויך די אַמעריקאַנער פון דער סאוטה, ווען זיי שטעלען זיך געגען די נעגער. וואָרים אום צו פערווירקליכען אַזאַ אידעאַל דאַרף דער ערשטער און דרינגענדסטער געבאָט זיין: ריינהאַלטען די ראַסע.

און אונטער דער ריינהאַלטונג פון דער ראַסע דאַרף מען בשום אופן ניט פערשטעהן, אַז יעדע פערבינדונג מיט אַן אַנדער ראַסע

דאַרף זיין אויסגעשלאָסען. א פאַנגערמאַניסט, מעג ער זיין ווי ענטוזיאַסטיש, וועט גאָר ניט האָבען דאָס מינדסטע אויסצוזעצען געגען, למשל, א געשלעכטליכע פערבינדונג צווישען גערמאַנען און ראָמאַנען אָדער סעמיטען. גע־ראַד צווישען סעמיטען און גערמאַנען איז די געשלעכטליכע אָנציהונג זעהר א שטאַרקע. דאָס וועט אייך בעשטעטיגען יעדער איינער, וועל־כער וויים ווי אונגעהייער פיעל אידישעס בלוט עס פליסט אין די עדעלסטע און פאָרנעהמסטע גערמאַנישע פאַמיליען פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד. וואָס דער פאַנגערמאַניסט מיינט אונטער ריינהאַלטונג איז — אָבצוהיטען די ראַסע פון ערגערען בלוט, ווי ער דריקט זיך אויס, און אונטער ערגערען בלוט פער־שטעהט ער די שוואַרצע און די געלע ראַסע. א פערמישונג מיט דיזע ראַסען איז פאַר'ן פאַנ־גערמאַניסט טריף.

ווייטער דאַרף די פערווירקליכונג פון פאַנגערמאַנישען אידעאַל ניט דורכגעפיהרט ווערען דוקא מיט געוואַלט. אום אַלץ ענגער צו פערבינדען די איינצעלנע גערמאַנישע פעל־קער גיט עס טויזענדעליי פריעדליכע מיטעל, גרויסע און קליינע, ווירטשאַפטליכע, פּאָלי־טישע, סאָציאַלע, האַנדעלס־פּאָליטישע א. ז. וו. מיט איין וואָרט, עס איז ניטאָ קיין איין גע־ביעט, וואו עס זאָל ניט מעגליך זיין צו דערגריי־כען אַ וועלכע עס איז דערנעהענטערונג צווישען איינצעלנע אָדער אַלע גערמאַנישע פעלקער. לאָמיר ברייגען אַיין קליינעם ביישפּיעל — די שפּראַך. מיר האָבען פינף גערמאַנישע שפּראַכען — דייטש, ענגליש, שוועדיש, נאָר־וועגיש־דעניש און האָלענדיש. צו זיי קען מען נאָך צורעכענען נאָך איניגע וועניגער בע־קאַנטע שפּראַכען, ווי פלעמיש און פריזיש. אויך אידיש געהערט צו זייער צאָהל. ווי לייכט עס וואָלט געווען, דאַכט זיך, פון אָט די אַלע שפּראַכען איין איינציגע שפּראַך צו שאַפען — די גערמאַנישע. דאָס וואָלט דאָך ניט געווען קיין געקינסטעלטע שפּראַך, ווי עספּעראַנטאָ און אידא, נור א נאַטירליכע שפּראַך, וואָס וואָלט אַרויסגעוואַקסען פון גייסט פון די אַלע שפּראַ־כען און אויף דער גרונדלאַגע פון די ווערטער, וועלכע געהערען געמיינזאַם אַלע גערמאַנישע שפּראַכען אָדער די מעהרסטע פון זיי. אין דאָס שוין אַליין — די איינהייטליכקייט פון דער שפּראַך וואָלט געגעבען אַ געוואַלדיגען רוק פאָרווערטס דער פערווירקליכונג פון פאַנגער־מאַניסטישען געדאַנק.

* * *

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז עס זיינען פאַרהאַן ענגלענדער און אַמעריקאַנער, וועלכע וואָלטען זעהר גערן געוואָלט זעהן דעם פאַנגערמאַניזם א פערווירקליכטען, אָבער ווי אַזוי ?... אונטער דער אויבערהער־שאַפט פון זייער לאַנד. און עס זיינען פאַרהאַן אויך אַזעלכע דייטשען — דייטשלאַנד זאָל זיין די אויבערמאַכט אין פאַנ־גערמאַנישען בונד. מיט דיזען געדאַנק טראָגט זיך אַרום די אויבען דערמאָהנטע קליינע „אַל־דייטשע" פאַרטיי. פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ „פרומער וואונש". און פון דעם מאַכען דאָס די געגנער, בעזונדערס די סלאַווען, וועלכע שטעלען אַנטקעגען דעם פאַנגערמאַניזם זייער פאַנסלאַוויזם, אַזאַ גרוי־סען וועזען — זיי מאָהלען א שרעק־בילד — „דייטשלאַנד זוכט צו בעהערשען די וועלט!". די סלאַווען בעטראַכטען דעם פאַנגערמאַנישען אידעאַל לויט זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, זיי שטעלען איהם זיך פאָר ווי דעם פאַנסלאַ־וויזם. זיי פערגעסען איין קלייניגקייט: רוס־לאַנד איז די איינציגע מעכטיגע מלוכה פון סלאַווענטום. די פערווירקלי־כונג פון פאַנסלאַוויזם קאָן מען זיך אַנדערש דאַרום ניט פאָרשטעלען, סיידען אַז אַלע קלענע־רע סלאַווישע פעלקער — פּאָליאַקען, טשעכען, סערבען, באָלגאַרען, סלאָוואַקען, קראָאַטען א. ז. וו. זאָלען אונטערטהעניג ווערען דעם רוסישען פאָלק און שפּעטער אויך אין גאַנצען צושוואומען ווערען אין איהם.

מיט די גערמאַנען איז די זאַך גאַנץ אַנ־דערש. עס איז ניטאָ קיין גערמאַנישע אויי־בערמאַכט. קיין פערנינפטיגער מענש קען ערנסט ניט גלויבען, אַז דייטשלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקאַ זאָלען ווען עס איז אונטערטהעניג ווערען איינס דעם אַנדערען: דערפאַר קאָן דער וועג צום פאַנגערמאַנישען אידעאַל זיין נור א פריעדליכער. דער גוטער ווילען און לאַנגע פריעדליכע אַרבייט קענען די גערמאַ־נישע פעלקער ענג פערבינדען, אָבווישען די גע־גענזעצע צווישען זיי און שאַפען א געמיינזאַ־מע גרונדלאַגע פאַר א פעראייניגונג.

און דאָס איז אויף דער גרונד, פאַר וואָס אין איצטיגען גרויסען קריעג קוקט מען אין דייטשלאַנד אויף ענגלאַנד, ווי אויף א פער־רעטער — ענגלאַנד איז אונטריי געוואָרען דעם גערמאַנענטום. דייטשלאַנד איז ניט די גערמאַנישע אויבער־מאַכט, נור דאָס מוטערלאַנד פון אַלע גערמאַנען. „אַלץ קומט פון דייטשלאַנד, ווי פון ווייב" — זאָגט דער דענישער דיכטער יאָהאַן יענזען. און דאָ געהט ענגלאַנד מיט די סערבען און רוסען, מיט די פראַנצויזען געגען די גערמאַנען. די ענגלענדער זיינען אַזוי ווייט אַוועק אין זייער אונטרייהייט, דאָס זיי האָבען אַריינגעצויגען די יאַפּאָנעזער אין בלוטיגען שפּיעל.

און אָט ווי דער פאַנגערמאַניסט קוקט און אָט וואָס זיי זאָגען וועגען דעם:

מילא, די ראָמאַנען האָבען קיינמאָל קיין אַכטונג ניט געהאַט צו זייער ראַסע; אַלס

בעווייז קען דיענען דער אונגלויבליכער פעלקער־געמיש אין די זיד־אַמעריקאַנישע רעפובליקען. די פנים'ער דאָרט שלאָגען אָב מיט אַלע קאָלירען — פון ריינסטען ווייס ביז פינסטערסטען שוואַרץ, פון לייכטענדען געל ביז דעם שעהנסטען רויט. די פראַנצויזען קענען דארום ניט שפירען קיין ווידער־געפיהל געגען אראָבבריינגען סענעגאַל־נעגערן און אַראַבישע טורקאָס אין איירָאָפּאַ און לאָזען זיי קעמפפען געגען ווייסע. די ענגלענדער אָבער האָבען יאָ דעם געפיהל, זיי זיינען מעהר אָבגעהיט אין ראַסע־פראַגען, און דאָך האָבען זיי זיך ניט אָבגעשטעלט דערפאַר און האָבען אָנגעריצט די מאָנגאָלען געגען זייערע גערמאַנישע ברידער.

דאָס איז אין קורצע שטריכען דער פאַן־גערמאַניזם, דער שרעק־געשפענסט, מיט וועלכען דייטשלאַנד'ס שונאים ווילען אָניאָגען אַן אימה אויף אַלע ניט גערמאַנישע פעלקער.

דר. האַנס היינץ עווערס איז איינער פון די בעדייטענדסטע דייטשע שרייבער פון אונזער צייט, דער פיהרער פון דער פאַנטאַסטישער ראָמאַנטיק, דער מאָדערנער עדגאר עלען פאָ. זיין לעצטער ראָמאַן „אלראונע“ האָט געמאַכט א רושם אין גאַנץ איירָאָפּאַ, בעזאָנדערס אין רוסלאַנד, וואו עס זיינען געשאַפען געוואָרען ספּעציעלע קלובס פון „עווערסיסטען“. ער איז אויך אַן אויסגעצייכענטער עסעאיסט. חוץ דעם האָט ער פיעל אַרומגערייזט איבער אינדיען, אַפריקאַ, זיד־אַמעריקאַ און פערעפענטליכט איניגע גלענצענדע רייזע־בעשרייבונגען. אויך איצט קעהרט ער זיך אום פון א רייזע און איז פערהאַלטען געוואָרען צוליעב פערשטענדליכע אורזאַכען אין ניו יאָרק. — דער אַרטיקעל איז ספּעציעל געשריעבען געוואָרען פאַר דער „צוקונפט“. מיר האָבען געבעטען ביי דר. עווערס א ריינעם אינפאָרמאַציאָנס־אַרטיקעל, און ער האָט עס אונז געגעבען, כאָטש צווישען די שורות קען מען לעזען, אַז דער פאַנגערמאַנישער געדאַנק האָט אויך זיין פאַנטאַזיע געפאַנגען. די רעד.

דר. נ. סירקין

מאַרקס, לאַסאַל, ענגעלס און דער וועלט־קריעג

1.

אז די אינערליכע ענטוויקלונג פון די פעלקער שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויסערליכע מלחמות — דאָס איז אַ אַלטער כלל אין דער מענשליכער געשיכטע. זייט עס בעשטעהט די מענשליכע ציוויליזאַציאָן, זייט גריעכענלאַנד, פאַלעסטינא, רוים, און פערלויף פון גאַנצען מיטעלאַלטער, ביז צו די פורכטבאַרע מלחמות פון נאַפּאָלעאָן אין דער מאָדערנער צייט און די מלחמות פון נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט, האָט יעדער קריעג פון די מלוכות געהאַט די טיעפסטע ווירקונג אויף דעם שיקזאַל פון די פעלקער און דעם גאַנג פון דער מענשליכער געשיכטע בכלל. פון דעם אויסגאַנג פון די מלחמות, פון דעם נצחון אָדער דער ניעדערלאַגע, פלעגט שטענדיג אָבהענגען די אינערליכע ענדערונג אין לעבען און ענטוויקלונג פון די פעלקער. די קלאַסען־מלחמות אין דעם שויס פון די פעלקער גופא שטעהען אויך אין ענגער שייכות מיט די מלוכה־מלחמות פון די שטאַאַטען און לענדער צווישען זיך. דער אויסערליכער קריעג קען אַמאָל אָבהאַלטען דעם פאָרטשריט פון דער דעמאָקראַטיע, קען פערלאַנגזאַמען דעם סאָציאַלען קאַמפף אין דער געזעלשאַפט און אָבקעהרען די מאַסען פון דער רעוואָלוציאָן, און אַמאָל קען דער קריעג דוקא ווערען דער צינדענדער פייער פון דער רעוואָלוציאָן.

עס איז דארום ניט קיין וואונדער, אַז דאָס פראָבלעם פון קריעג פאַרנעהמט אין דער סאָציאַליסטישער וויסענשאַפט, און דער ליטעראַטור פון סאָציאַליזם, אַ בעדייטענדען פלאַץ. דער סאָציאַליזם וואָס ווענדעט זיך מיט זיין קריטיק געגען דעם געגענוועַרטיגען סדר פון דער וועלט און זוכט אָנצואווייזען די נייע ענטוויקלונגס־ליניען פון דער געזעלשאַפט, האָט געמוזט אַריינגעהמען קריעג און פריעדען אין דעם קרייז פון זיינע פראָבלעמען. די קריטיק פון דער בעשטעהענדער געזעלשאַפט איז אויך די שאַרפע קריטיק פון מלחמה, וועלכע איז דער רעזולטאַט פון דעם האַלב־באַרבאַרישען צושטאַנד פון דער גע־

זעלשאַפט אין דער געגענוואַרט. דאָס פּריידיגען פון וועלט־פריעדען איז לאָגיש פערבונדען מיט דער אויפפאַסונג פון דער נייער געזעלשאַפט אַלס אַ געזעלשאַפט פון עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציאָן. דער סאָציאַליזם האָט בנוגע צו קריעג און פריעדען איבערגענומען די גייסטיגע ירושה פון דער נייער פילאָזאָפיע, ביי וועלכע די אידעע פון אויביגען פריעדען איז דער שלום־אַקאָרד פון דער געשיכטס־פילאָזאָפיע. ווען קאַנט בעגרינדעט טעאָרעטיש די אידעע פון אויביגען פריעדען און רופט פראַקטיש צו דער פערווירקליכונג פון דיעזער דומאַניטערער אידעע, דריקט ער דערמיט אויס די גאַנצע טענדענץ פון דעם פילאָזאָפישען געדאַנק פון דעם 18 יאָהרהונדערט.

מיט דער קריטיק פון קריעג און דעם חלום פון אויביגען פריעדען איז פול די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון דער ערשטער העלפט פון נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט נאָך בעפאָר מ אַ ר ק ס און ע נ ג ע ל ס. דער שלום צווישען די פעלקער איז דער צווייטער הומאַניטערער חלום נאָך דער אבשאַפונג פון עקאָנאָמישער אויסבייטונג און סאָציאַלער אונגערעכטיגקייט אין דער געזעלשאַפט. נאָר פּ ר ו ד אָ ן אין זיין גרויסען ווערק: קריעג און פריעדען, פון 1861, נאָך דעם איטאַליענישען קריעג, זעהט אין דעם קריעג דעם אויביגען קאַמפּף פאַר מאַכט און כח, וועלכער לעבט און וועבט אין דער מענשליכער געשיכטע. דער קריעג איז ביי פּרודאָן הייליג און גערעכט, ווייל אין איהם ווערט פערקערפּערט די אידעע פון מאַכט און גערעכטיגקייט, וואָס איז דער העכסטער אויסדרוק פון מאַכט אין לעבען. אָבער די מענשהייט געהט אויף׳ן וועג צום וועלט־פריעדען, ווייל דער אויביגער שלום איז אין דער הייִנטיגער געזעלשאַפט אַ העכערע בויענדע און שעפּפערישע קראַפט, איידער דער קריעג. בכלל אָבער בעהאַנדעלט דער סאָציאַליזם בעפאָר מאַרקס און ענגעלס דאָס פּראָבלעם פון קריעג און פריעדען אויף דעמזעלביגען שטייגער, ווי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ערשיינונגען פון דער געזעלשאַפט: אַבסטראַקט, סאַנטימענטאַל, פון שטאַנדפּונקט פון דער ריינער מאָראַל, און אין פערבינדונג מיט אינדיווידועל־אוטאָפּיסטישע האָפנונגען און ערוואַרטונגען.

ביי מאַרקס׳ן און ענגעלס זיינען ניטאָ, פאַרשטעהט זיך, קיינע פּוסטע סאַנטימענטאַלע אויסגעשרייען געגען מלחמה אין נאָמען פון דעם אויביגען שלום, און אויך ניט קיין אַבסטראַקטע בעטראַכטונג וועגען קריעג און פריעדען, ווי ביי פּרודאָן. די בעגרינדער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם זיינען רעאַליסטישע דענקער און רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיקער. יעדער קריעג האָט די טיעפסטע ווירקונג אויף דעם וויי־טערען היסטאָרישען גאַנג פון דעם פאָלק, וואָס זיעגט, און פון דעם פאָלק, וואָס ווערט בעזיעגט. די מלחמות פון נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכע זיינען פאָרגעקומען צווישען רוסלאַנד, טערקיי, ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, עסטרייך, פּרייסען, האָבען געהאַט די טיעפּסטע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע און דעם פאָרטשריט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. מאַרקס און ענגעלס נעהמען דערפאַר אומעדום אַ שטעלונג צום קריעג, שאַצען אָב זיין פּאָליטישען און היסטאָרישען ווערט, קלערען אויף די פּראָלעטאַרישע וועלט מכח זיינע פאָלגען און מעגליכקייטען, און צייכענען אומעדום אָן די האַלטונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט צו דער מלחמה. אַזוי האָבען מאַרקס און ענגעלס אין דעם גאַנצען משך פון זייער אנפיהרונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט גענומען אַ שטעלונג צו אַלע מלחמות, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין זייער צייט, צו די מלחמות פון 1848, צום קרים־קריעג, צום איטאַליענישען קריעג, צום דייטש־פראַנצויזישען קריעג, צום רוסיש־טערקישען קריעג. די פיהרער פון אינטערנאַציאָנאַל האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אויסווערטיגער וועלט־פּאָליטיק ניט ווייניגער, ווי מיט דעם אינווענדיגען פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמפּף; זיי האָבען בעלויכטען די גרויסע וועלט־געשעהענישען נאָך דערזעלביגער רעוואָלוציאָנערער מעטאָדע, ווי די פּאַרטיי־פּאָליטיק פון דעם אַרבייטער־קלאַס אין יעדען לאַנד.

און נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג און דעם אונטערגאַנג פון דער פּאַריזער קאָמונע פון 1871 האָט מאַרקס מיט דער קלאָרקייט פון אַ געניוס פאָראויסגעזאָגט דעם וועלט־קריעג און זיין גאַנצען כאַראַקטער, דעם שטורמדיגען אָנזאָגער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

די גרויסע היסטאָרישע ראָלע אַלס פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער הויבט קאַרל מאַרקס אָן צו שפּיעלען אין דעם רעוואָלוציאָנס־יאָהר 1848. דעם 24טען פעברואַר 1848 ברעכט אויס די רעוואָלוציאָן אין פּאַריז; דעם 13טען מערץ 1848 קומט פאָר די רעוואָלוציאָן אין וויען און דער רעאַקציאָנערער מיניסטער מ ע ט ע ר נ י ך ווערט פון וויען פאַריאָגט; אין פינף טעג אַרום, דעם 18טען מערץ, הויבט זיך אָן די רעוואָלוציאָן אין בערלין און אין גאַנץ דייטשלאַנד. מאַרקס, וועלכער האָט פריהער געוואוינט אין בריסעל אַלס עמיגראַנט, בעקומט דאָס רעכט צו וואוינען אין פּאַריז, און פון פּאַריז פאָהרט ער גלייך אין דייטשלאַנד, בעת דאָרט הויבט זיך אָן די רעוואָלוציאָן. ער ווערט דער רעדאַקטאָר פון דער בעריהמטער „נייער ריינישער צייטונג“. דער געניאַלער שריפטשטעלער און רעוואָלוציאָנער ווערט ניט נאָר דער גייסטיגער פיהרער פון דער רעוואָלוציאָן אין דייטשלאַנד, נאָר אויך פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָן. אין דיעזער „נייער ריי־

נישער צייטונג" פון יענער רעוואָלוציאָנס־עפּאָכע האָבען געפונען די געדאַנקען פון מאַרקס'ן וועגען קריעג און וועלט־קריעג זייער גלענצענדסטען אויסדרוק.

די רעוואָלוציאָן פון 1848 איז אַ סאָציאַלע אין פראַנקרייך, אַ פּאָליטישע אין דייטשלאַנד, ווערט אַ פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אין עסטרייך, פוילען, איטאַליען, האָט אַ אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַל־פּראָלעטאַרישען כאַראַקטער אין דער טשאַרטיסטען־בעוועגונג אין ענגלאַנד. דיזע רעוואָלוציאָן ווערט אָבער בעדרענגט פון צוויי זייטען, פון ווייטען מזרח און פון ווייטען מערב. אַלס אַ פּאָליטישע רעוואָלוציאָן האָט זי אין דעם רוסישען צאַריזם איהר געפאַהר און איהר אבהאַלט, די צאַרישע רעגיערונג לויערט מיט איהר פינסטערער פויערן־אַרמעע, צו וואַרפען זיך אויף די אויפשטעהענדע פעלקער און זיי צו צערדריקען. די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן האָט איהר פורכטבאַרען שונא אין דער מעכטיגער ענגלישער בורזשואַזיע, וואָס בעהערשט די גאַנצע וועלט און דעם וועלט־האַנדעל. מאַרקס בעלויכט דיזע פערשיעדענע טענדענצען פון דער רעוואָלוציאָן און ערוואַרטעט דעם נצחון פון דער רעוואָלוציאָן אין איהר פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער טענדענץ און איהר עכסטען נצחון אַלס פּראָלעטאַריש־סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

די „נייע ריינישע צייטונג" בעהאַנדעלט אַלע אייראָפּעאישע געשעהעניסען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעוואָלוציאָן. מאַרקס פאָדערט די נאַציאָנאַלע בעפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע האָבען יאָהרהונדערטען געטראָגען דעם יאָך פון אונטערדריקער, די בעפרייאונג פון פוילען, אונגאַרן, איטאַליען; ער קעמפפט אויף דעם קאַמפף פאַר דער איינהייט פון דייטשלאַנד. איטאַליען פאַר די איטאַליענער, פוילען פאַר דאָס פוילישע פאָלק, אונגאַרן פאַר דאָס פרייע אונגאַרן־פאָלק, — דאָס איז דער מאָטטאָ פון מאַרקס אין דער „נייער ריינישער צייטונג". די פראַנקפורטער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועלכע איז זיך צונויפגעקומען אין 1848, כדי דורכצופיהרען די דייטשע פרייהייט און די דייטשע איינהייט, איז, ווי יעדער בורזשואַזנער פּאַרלאַמענט, באַלד אונטריי געוואָרען דער גרויסער אידעע און דעם ציעל פון דער רעוואָלוציאָן. די פראַנקפורטער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט ניט פערשטאַנען די אויפגאַבען, וואָס די דייטשע רעוואָלוציאָן האָט זיך געמוזט שטעלען. ווען איטאַליען האָט זיך אויפגעהויבען אין 1848 צו אַ בעפרייאונגס־קריעג געגען עסטרייך, האָט די פראַנקפורטער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג ערקלערט אַז יעדער אנפאַל פון איטאַליען אויף טריעסט וועט פון דייטשלאַנד בעטראַכט ווערען אַלס אַ אויסרוף צום קריעג. די דערשראָקענע און קורצזיכטיגע נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט ניט פערשטאַנען דעם אינערליכען צוזאַמענהאַנג צווישען דעם נצחון פון דער רעוואָלוציאָן און דער בעפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, און דאָס האָט אַרויסגערופען די שאַרפסטע קריטיק פון מאַרקס'ן אין דער „נייער ריינישער צייטונג".

אויך פוילען האָט זיך אויפגעהויבען אין יאָהר 1848. אָבער ניט רוסיש־פוילען און ניט עסטרייך־פוילען, נאָר פּרייסיש־פוילען, הערצאָגטום פּאָזען. רוסיש־פוילען איז זייט דעם גרויסען אויפשטאַנד פון 1831 געלעגען אין די נעגעל פון דעם צאַריזם און האָט זיך ניט געקענט אויפהויבען. עסטרייך־פוילען איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון דער קראַקאָווער רעוואָלוציאָן פון 1846. אין פּרייסיש־פוילען האָט אויך געזאָלט אויסברעכען אַ רעוואָלוציאָן אין יאָהר 1846, אָבער זי האָט זיך נאָר געענדיגט מיט דעם פּראָצעס געגען דעם פוילישען פרייהייטס־קעמפּפער מ י ר אָ ס ל אָ ו ו ס ק י און זיינע אנהענגער. אין יאָהר 1848 האָבען די פּאָליאַקען אין פּאָזען אָנגעהויבען צו פאָדערן זייער נאַציאָנאַלע בעפרייאונג. אָבער די פראַנקפורטער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז געווען ווייט דערפון צו שטיצען די פּאָליאַקען אין זייער קאַמפף פאַר פרייהייט, זי האָט, פערקעהרט, בעשלאָסען אָנצוהויבען צו „גערמאַניזירען" פּאָזען. מאַרקס קריטיקירט מיט שאַרפע ווערטער דיזען פערברעכען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געגען די אונטערדריקטע נאַציאָנען. „איצט ווען די דייטשען הויבען אָן אַראָבצוואַרפען דאָס אייגענע יאָך, מוז זיך ענדערן זייער גאַנצע פּאָליטיק בנוגע צו פרעמדע פעלקער. מיט די קייטען, מיט וועלכע מיר ווילען בינדען פרעמדע פעלקער, בינדען מיר אויך אונזער יונגע פרייהייט. דייטשלאַנד מאַכט זיך אַליין אויף אַזוי פיעל פריי, אויף וויפיעל עס מאַכט פריי זיינע נאַכבאַר־פעלקער". אַזוי האָט געשריעבען מאַרקס אין דער „נייער ריינישער צייטונג". אויך פאַר דער בעפרייאונג און זעלבסטשטענדיגקייט פון אונגאַרן טרעט אַרויס מאַרקס.

אָבער ניט יעדע נאַציאָנאַלע בעוועגונג איז פאַר מאַרקס'ן אַ פרייהייטליכע און רעוואָלוציאָנערע. די נאַציאָנאַלע בעוועגונגען פון די זידליכע סלאַווען, פון די טשעכען, קראָאַטען, סלאָוואַקען, באָסניער, רוטענער און ז. וו. פון די פערשיעדענע סלאַווישע פעלקערלעך פון עסטרייך האַלט מאַרקס פאַר אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע. די רעוואָלוציאָנען אין דער עסטרייכישער אימפּעריע זיינען דאַן דערשטיקט געוואָרען מיט דער הילפע פון די זיד־סלאַווען און מאַרקס איז געווען ביטער געגען זיי. דיזע זיד־סלאַווישע פעלקער, צו זיי אויך צוגערעכענט די רומעניער, האָבען, לויט דער דאַמאַלסדיגער אויפפאַסונג פון דעם יונגען מאַרקס, ניט קיין זעלבסטשטענדיגע קולטור, ניט קיין

פרייע געשיכטע, ניט קיין היסטארישע צוקונפט, זייער ראָלע אין די אייראָפּעאישע צוזאמענשטויסונגען איז אַ קאנטער־רעוואָלוציאָנערע. די דייטשען און אונגארען האָבען אין לויף פון גאנצען מיטעלאלטער אָנגעפיהרט די געשיכטע אין דער דאָנאו־געגענד, אָהן דיעזע פעלקער וואָלטען די זיד־סלאַווישע פעלקער שוין לאנג געוואָרען טערקיש, און פאר דיעזען שויז וואָלטען אייגענטליך די זיד־סלאַווישע פעלקער געקענט פארבייטען זייער נאַציאָנאליטעט אויף די דייטשע אָדער אונגארישע. די נאַציאָנאלע אויפלעבונג פון דיעזע פעלקער געהט להיפך צו די אינטערעסען פון דער אייראָפּעאישער רעוואָלוציאָן, ווייל אקוראט ווי דיעזע סלאַווישע פעלקער האָבען ניט געהאט קיין פרייע, זעלבסטשטענדיגע געשיכטע און זיינען נאָר דורך דער אסימילירונג מיט דעם דייטש־אונגארישען מלוכה־אָרגאניזם אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם היסטארישען שטראָם, אזוי האָבען זיי אויך קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען קיין רעוואָלוציאָנערען ווילען און מוט, ווי למשל, די פוילען. מארקס טרעט דערפאר זעהר שארף און קריטיש ארויס געגען באקונין, וועלכער האָט אנטייל גענומען אן דעם בעריהמטען פאנסלאַוויסטישען קאָנגרעס אין פראג אין יאָהר 1848 און איז ארויסגעטרעטען מיט אַ מאניפעסט פאר דער סלאַווישער בעפרייאונג. ער ווייזט אויף באקונין'ען, דאָס דער פאנסלאַוויזם מוז אָדער שטיצען די רעאקציאָנערע עסטרייכישע מאָנארכיע, אָדער זיך ווארפען דעם צאַר אין די ארעמס, און דאָס אלע רייד וועגען דער בעפרייאונג און פעראייניגונג פון אלע דיעזע פעלקערלעך זיינען אָדער שווינדעל אָדער פאנטאסטישע חלומות. „מיר וויסען", אזוי פיהרט אויס מארקס, „וואו די שונאים פון דער רעוואָלוציאָן זיינען קאָנצענטרירט, אין רוסלאנד און אין די עסטרייכישע סלאַווענלענדער". „מיר וועלען אָהן סוף קעמפפען אויף טויט און לעבען, ביז דאָס סלאַווענטום וועט ווערען ענדליך גרויס און פריי און אונאבהענגיג אין דער וועלט", אזוי רופט אויס באקונין אין זיין מאניפעסט. „קאַמפּף, אָהן־רחמנות'דיגער קאמפּף אויף לעבען און טויט מיט'ן סלאַווענטום, וועלכער האָט פערראטען די רעוואָלוציאָן . . . קאמפּף ניט אין אינטערעס פון דייטשלאנד, נאָר אין אינטערעס פון דער רעוואָלוציאָן", רופט אויס מארקס. (דעמאָקראטיישער פאנסלאַוויזם. געזאמעלטע שריפטען פון מארקס און ענגעלס, דריטער באַנד, זייטע 264).

אין די אינטערנאַציאָנאלע פערוויקלונגען, וועלכע זיינען ארויסגעקומען דורך די רעוואָלוציאָנען פון 1848, זעהט מארקס מיט'ן קלארען בליק פון דעם געניוס, וועלכען וועג די רעוואָלוציאָן מוז געהען. די מלחמה מיט רוסלאנד, דאָס דארף ווערען דער קריעגס־געשריי פון דער רעוואָלוציאָן. דער צאַרים איז דער שונא, דער נאַטירליכער פיינד פון דער אייראָפּעאישער רעוואָלוציאָן. „נאָר די מלחמה געגען רוסלאנד איז אַ מלחמה פון רעוואָלוציאָנערען דייטשלאנד, אַ מלחמה, וואו עס וועט אָפּגעווישט ווערען די זינד פון דער פערגאנגענהייט; עס וועט אליין זיך אויפהויבען, וועט בעזיעגען זיינע אייגענע אויטאָקראטען . . . וועט זיך איינווענדיג בעפרייען, בעפרייענדיג די אנדערע". (געזאַמעלטע שריפטען, דריטער באַנד 114).

מארקס האָט ריכטיג פאָראויסגעזעהען, דאָס דער צאַר ניקאָלאַי וועט שיקען זיינע סאָלדאטען געגען אייראָפּא איינצושטילען די רעוואָלוציאָן. דרייסיג יאָהר שפּעטער, נאָכדעם ווי מארקס האָט גערופען צו דער מלחמה געגען רוסלאנד, איז פערעפענטליכט געוואָרען דער בריעף פון ניקאָלאַי דעם ערשטען צו דעם פרינץ פון פרייסען אין יאָהר 1848, אין וועלכען דער צאַר באַט אן זיין הילף, כדי ווידער אויפצובויען די דעספּאָטישע אָרדנונג פון פאר 1848.

בעפרייאונג פון אלע אונטערדריקטע פעלקער, קאמפּף געגען די קליינע זיד־סלאַווישע פעלקערלעך פון עסטרייך, קריעג געגען רוסלאנד, דאָס איז מארקס אויסערליכע פּאָליטיק אין יאָהר 1848. אָבער אין יוני 1848 האָבען די פראנצויזישע ארבייטער געהאט די בלוטיגע ניעדערלאַגע אויף די גאסען פון פאריז. דיעזע ניעדערלאַגע פון דעם פּראָלעטאריאט אין פּאַריז איז געווען דער אָנהויב פון דער ניעדערלאַגע פון די בורזשואזע רעוואָלוציאָנען אין גאנץ אייראָפּא, אין וויען, נעאפעל, בערלין. דער צאַר איז געוואָרען ניט נאָר דער סאמאָדערזשעץ פון רוסלאנד, נאָר פון דער גאנצער אייראָפּעאישער וועלט. אָבער די רעוואָלוציאָן האָט נאָך ניט ארויסגעלאָזען איהר לעצטען אָטעם; נאָך איז געווען פּלאַץ און מעגליכקייט פאר רעוואָלוציאָנערע האָפנונגען און רעוואָלוציאָנערע טהאַטען. אין דעם ארטיקעל „צום נייען יאָהר", פון 1849, אין דער „נייער ריינישער צייטונג", שעצט אָב מארקס די פּאסירונגען פון דעם רעוואָלוציאָנס־יאָהר און דריקט אויס זיינע האָפנונגען און ערוואַרטונגען פאר 1849. פון דער רעוואָלוציאָן פון די פראנצויזישע ארבייטער, וועלכע האָט אַ סאָציאלען כאראקטער, שטאמט די רעוואָלוציאָן אין גאנץ אייראָפּא און דער נאַציאָנאלער בעפרייאונגס־קאמפּף פון די אונטערדריקטע פעלקער. דאָס קרעהען פון דעם גאלישען האָן האָט אין דער גאנצער וועלט אויפגעוועקט די פעלקער צום קאמפּף געגען דעספּאָטיע. „דער שטורץ פון דער בורזשואזיע אין פראנקרייך, דער טריאומף פון דעם פראנצויזישען ארבייטער־קלאס, די עמאנציפּאציאָן פון דעם ארבייטער־קלאס איבערהויפּט, איז אלזאָ דאָס לאָזונגס־וואָרט פון דער אייראָפּעאישער בעפרייאונג". (דריטער באַנד, זייטע 231).

(שלוס קומט).

דוד פינסקי

מיכל *)

Copyright, 1914, by David Pinsky

פערזאָנען: דוד. מיכל. יונתן. שאול. שאול'ס סוויטע.

א בלומענפלאַץ אין שאול המלך'ס גארטען. פערשידענע שטעגלעך רעכטס און לינקס צווישען געדיכטע בוימער. אין מיטען דעם ווילד־פערוואקסענעם הויכען, פעלזיגען הינטערגרונד — א שמאָל שטעגעל, צו וועלכען עס פיהרען א סך אין דעם פעלזען אויסגעהאַקטע טרעפּלעך. — עס איז זונאויפגאַנג אין א פריהלינגס־טאג.

דוד (שטעהט אויף דעם אויבערסטען טרעפּעל, ווי איינגעראַמט אין גרינס, אָנגעשפּאַרט אן זיין האַרפּע, די אויגען אויפגעהויבען צום ווייטען, אַלץ העלער ווערענדיגען הימעל, מיט א בעגייסטערטען, גליקזעליגען, התלהבות'דיגען בליק. זיינע פינגער זוכען — אויף די סטרונעס פון דער האַרפּע און ברייגען אַרויס אין פּאוזען עטליכע שטאַרקע, וואַרמע אַקאַרדען, און באַלד העבט ער אָן לאַנגזאַם צו דעקלאַמירען). די הימלען דערצעהלען דעם כבוד פון גאָט, און די טהאַטען פון זיינע הענד זאָגט אָן דעם הימעלס אונטערצוג. איין טאָג רעדט צום אַנדערען און נאַכט צו נאַכט לאָזט עס וויסען. אָהן גערעד און גאָר אָהן ווערטער, מען הערט נישט זייער קול. איבער דער גאַנצער ערד צוגעהט זיך זייער שטראַל און ביז עק וועלט זייער וואָרט, דער זון האָט ער געמאַכט דאָרט איהר געצעלט.

מיכל (בעוויזט זיך רעכטס. זי בעהאַלט זיך הינטער א בוים און הערט־צו מיט פערכאַפּטען אטעם, אויגען און פויסטען שליסענדיג אין ליידענדער עקסטאַזע).

דוד (בעמערקט זי נישט און דעקלאַמירט אונגעשטערט און מיט גרעסערער בעגייסטערונג). ווי א חתן געהט זי אַרויס פון אונטער איהר חופּה, פרעהט זיך ווי א העלד צו לויפען אויף איהר וועג. פון איין עק וועלט קומט זי אַרויס און ביים אַנדער עק איז איהר פערקעהר, און נישטאָ קיין פערבאָרגענער פון איהר היץ . . . .

מיכל (מיט אַלץ נאָך געשלאָסענע אויגען, האָט זיך אַרויסגערוקט פון איהר בעהעלטעניס, גאַנץ בלייך, און שווער אטמענדיג).

דוד (ווערט זי געוואהר, איידער ער דערזעהט זי, זיין האַנד ציטערט, א פאַלשער, שוואַכער אַקאָרד רייסט אָב זיין שפּיעלען. ער מאַכט צו די אויגען און בלייבט שטעהן ווי פערגליווערט).

מיכל (עפענט אויף די אויגען ביים לעצטען אַקאָרד, נעמט אָן א האַרטען, קאַלטען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט און וויל זיך צוריקציהען).

דוד (פליסטערט אַרויס). מיכל?

מיכל (שטאָלץ און קאַלט). איך האָב מיין מאָרגענשפּאַציר געמאַכט.

דוד (עפענט אויף די אויגען און קוקט זי אָן. אין רוהיגען טאָן). דעם קעניגס טאָכטער גאַנץ אַליין?

מיכל. דאַרף מיכל שומרים? מוז זי געהיט ווערען אויף יעדעם שריט? איך ליעב אַליין און אונגעשטערט צו זיין.

דוד (העבט לאַנגזאַם אויף זיין האַרפּע און מאַכט א בעוועגונג אַוועקצוגעהן אויף דאָס שמאָלע שטעגעל הינטער איהם). איך פערשטעה דיין וואונק, און דייטליכער וועסטו עס מיר נישט דאַרפען זאָגען. זיי געגריסט, קעניגס־טאָכטער!

מיכל (שנעל). דיך האָב איך נישט געמיינט. איך גלויב, איך האָב דיר געשטערט און איך גאָר דאַרף אַוועקגעהן.

דוד. דו ביזט די הערין, און דעם פּלאַץ מוז איך פערלאָזען. (פערבויגט זיך און וויל געהן).

מיכל. דו האָסט דיין ליעד אין מיטען אַבגעריסען — ווילסטו עס נישט ביז צום סוף דערזינגען?

דוד (טרויעריג, מיט צוגעמאַכטע אויגען). איך וועל נישט קאָנען מעהר.

---

*) אויס „דוד המלך און זיינע ווייבער", היסטאָרישעס שפּיעל אין פינף אַקטען. זעה „בת שבע", צוקונפט, אפּריל, 1913.

מיכל. איך וועל אוועקגעהן. איך וועל דיר נישט שטערען.

דוד. מיין הארץ איז נישט מעהר ביים זינגען.

מיכל. דו האסט דעם טאג בעזונגען און די זון, גאטס גרויסקייט און זיין הערליכקייט.

דוד. דאס איז געוועזען בעפרייאונג — אויף א רגע נאר.

מיכל. בעפרייאונג ?

דוד (שנעל). לעב אין פריעדען, מיכל ! (דרעהט זיך אום אוועקצוגעהן.)

מיכל (שרייט אויף). דוד !

דוד (בלייבט שטעהן, וועגדט זיך אום, און זיי קוקען זיך אן א ווייליע גאנץ שטום. ווי היפנאטיזירט, נישט אראבנעהמענדיג פון איהר די אויגען, געהט דוד לאנגזאם אראב די טרעפּלעך און קומט־צו צו מיכל. יעצט שטעהען זיי נאהנט איינס ביים אנדערן, מיט דורכדרינגענדיגע בליקען).

מיכל (ברעכט ענדליך אב דאס שווייגען, שטיל און פערלעגען). דו האסט געזאגט: בעפרייאונג.

דוד (זעהר טרויעריג). פערצווייפלונגספול בין איך די גאנצע נאכט געלעגען אויף מיין געלעגער —

מיכל. פערצווייפלונגספול ?

דוד. ביז ענדליך מיט דעם ערסטען גרוי אויף טאג האב איך געמאכט א בעשלוס.

מיכל. א בעשלוס ?

דוד. און איך האב אויפגעזוכט מיין הארף און שטיל ארויסגע'גנב'עט זיך פון מיין צימער און דעם קעניגס שלאס.

מיכל (מיט א פערלעגענעם לאכען). נישט שטיל גענוג.

דוד. איך האב דיך אויפגעוועקט ?

מיכל. אויך מיין שלאף איז — אונרוהיג — געוועזען. (שנעל). דאך דו דערצעהל מיר פון דיין פערצווייפלונג און דיין בעשלוס און דיין בעפרייאונג.

דוד. פינסטער איז נאך געוועזען, ווען איך בין ארויס, און מיינע אויגען און מיין גאנג זיינען צוגעווענדט געווען צו מערב, וואו אלץ איז איינגעדעקט געוועזען אין טיעפסטער דונקעלהייט. עס איז מיר געוועזען, ווי איך וואלט אריינגעטראטען אין א ים פון פינסטערניס, און שווארצע כוואליעס וואלטען זיך איבער מיר צוגאסען. אבער אין מיר איז נאך פינסטערער געוועזען. שווער און ביטער האט אין מיר מיין געמיט געוויינט, און שווער און ביטער האט מיין הארף מיר אבגעקלונגען, די סטרונעס פון דער פינסטערנים בעוועגט.

מיכל (קעהרט אוועק דעם קאפ, די אויגען פול טרערען).

דוד. אבער אז איך בין ארויף אהער אויף דאס לעצטע טרעפעל און איידער די גרעסערע פינסטערנים פון דעם שמאלען שטעגעל האט מיך געזאלט פערשלינגען, האב איך אומגעקעהרט מיין געזיכט צו מזרח, צום וועג, וועלכען איך בין אבגעגאנגען, צום פאלאץ פון דיין פאטער, און וואס איך האב דערזעהן, האט מיך מיין טרויער געמאכט פערגעסען.

מיכל (נייגיריג־פערוואונדערט). אה !

דוד. איך האב דערווארט צו זעהן דיזעלביגע געדיכטע פינסטערנים, אבער מיינע אויגען האבען זיך אנגעשלאגען אן א שטראם פון פריהמארגענדיגער ליכטיגקייט. דאס האט מיך איבערראשט, געמאכט מיך גאנץ ערשטוינט און מיינע געדאנקען פון מיין טרויער אוועקגעריסען. איך האב מיינע אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און א דונקעלער וואלקען, קוים בערויטעלט, האט מיין בליק געפאנגען. איך האב צוערסט נישט בעגריפען, וואס איך זעה, און די בערויטעלטע דונקעלהייט איז מיר א רעטענים געוועזען. איך האב מיך שארפער צוגעקוקט און באלד מיך צושמייכעלט אין גליקליכער פערגעסענהייט און גליקליכען געניסען: אויפ'ן וואלקען איז געלעגען די ערסטע בעדיהרונג פון דער אויפגעהענדיגער זון. ווי אין פרעהליכען טאנץ זיינען מיינע אויגען זיך פערנאנדערגעלאפען איבער דעם וווייטען הימעל און האבען די רויטע פלעקען אויפגעזוכט, די צייכען פון דער זון. מיט יעדער מינוט האבען זיי זיך געמעהרט, און מיט יעדעם אויגענבליק איז דאס דונקעלרויט אין העל און העלער איבערגעגאנגען. און באלד איז די זון אליין ערשיענען פון הינטער דעם קעניגס פאלאץ אין איהר גאנצער גאלדען־רויטער פייער־פראכט. מיין הארץ איז מיר איבערגעפילט געווארען, און פון מיינע ליפען האט זיך אנגעהויבען צו גיסען דער געזאנג —

מיכל. דאן בין איך געקומען.

דוד (לאזט אראב דעם קאפ).

מיכל (שטיל, נאך א קליינעם שווייגען). וואס איז געוועזען דיין בעשלוס ?

דוד. דעם קעניגס פאלאץ אויף אייביג צו פערלאזען.

מיכל. אה, דאס האב איך מיר געדאכט !

דוד. מעהר קאן איך דא נישט בלייבען.

מיכל. איך ווייס, דעם קעניגס האס פערטרייבט דיך.

דוד (וועגדט אב זיין געזיכט).

מיכל. אבער דוד דארף זיך פון דעם קעניג נישט אוועק'גנב'ענען. ער זאל ווי א מאן פון איהם אוועקגעהן.

דוד. שאול וועט צופריעדען זיין, ווען איך וועל מיך פאר איהם מעהר נישט בעווייזען.

מיכל (איינדרינגליך). איך גלויב, דער

קעניג איז דיין בעל חוב. דו האָסט אַ פאָרדערונג צו איהם.

דוד. דער קעניג איז מיר גאָרנישט שולדיג.

מיכל. גאָרנישט שולדיג ? (לאַכט פערלעגען אויף). האָט ער דען נישט גרויסען רייכטום אָנגעבאָטען דעם זיעגער איבער גלית ?

דוד. איך האָב גלית׳ן נישט פאַר געלט געטויט.

מיכל. נישט פאַר געלט ?

דוד. נישט פאַר די גרעסטע אוצרות און נישט פאַר אַלע פרייהייטען צו מיין פאָטערס הויז.

מיכל (מיט אויפלויכטענדיגען געזיכט). דאַן האָסטו איהם — דאַן האָסטו איהם — (פלוצלונג האַרט). פאַר וואָס פאָרדערסטו מיך נישט פון דעם קעניג ?

דוד (פאַלט פאַר איהר אויף די קניע און בעהאַלט זיין געזיכט אין איהר קלייד). מיכל !

מיכל (מיט ווידער אויפלויכטענדיגען געזיכט, טריאומפירענד). אההה ! . . . האָסט נישט דעם קעניגס פרייז געוואָלט — דו האָסט געוואָלט מיין ליעבע ! אה, פאַר וואָס האָסטו די גאַנצע צייט געשוויגען ? פאַר וואָס האָסטו מיך זאָגאַר אויסגעמידען ? איך ליעב דיך לאַנג שוין, איך ליעב דיך, ווי איך האָב דיך דערזעהן. איך בין אין קעניגס לאַגער געוועזען, ווען ער איז געשטאַנען אין פעלד געגען גלית׳ן און די פלשתים, און מיך, נאָר מיך אַליין פון אַלע דעם קעניגס טעכטער האָט שאול אלס פרייז פאַר גלית׳עס קאָפּ אָנגעבאָטען. איז ווער דען פון דעם קעניגס טעכטער שעהנער פאַר מיר ? בין איך דען נישט די אינגסטע ? האָט מיך דען דער קעניג נישט ליעבער פון אַלע זיינע טעכטער ? בין איך דען נישט ווערט דעם פלשתי גלית׳עס קאָפּ ? ווי האָט עס מיך געקריינקט, וואָס פון אַלע העלדען ישראל׳ס האָט זיך קיינער נישט בעוויזען געגען גלית׳ן ! ווי האָט עס מיך בעליידיגט, וואָס קיינער האָט דעם מוט אין זיך נישט געפונען, כאָטש א י ך בין דער פרייז געוועזען ! אָבער דאַן ביזטו אַרויס, יונג און שעהן, מיט בלאָנדע האָאר און רויטע באַקען — ווי האָט מיין האַרץ ווילד אָנגעהויבען צו קלאַפּען, ווי האָט עס אין מיר אויפגעיויכצט ! און איך האָב גאָט געדאַנקט, וואָס קיינער האָט דעם וועג דיר נישט פערכאַפּט. און אַז דו האָסט דיך געשטעלט געגען דעם ריעז, בין איך אויף די קניע געפאַלען און האָב צו גאָט פאַר דיר געבעטען. אָה, ווי האָב איך איהם געבעטען ! און איך האָב מיר די זיכערהייט געוואונען, אַז דו וועסט זיעגען, ווייל דו קעמפּפסט פאַר מיר אַלס פרייז, און דאַן וועסטו קומען און מיך פון מיין פאָטער פאָדערן. אָה, דאָס האָסטו געדאַרפט ! ד אָ ס האָסט דו געדאַרפט ! אָבער דו ביזט נישט געקומען, אַך, דו האָסט מיך פון מיין פאָטער נישט געפאָדערט. און איך האָב אויף דיר געוואַרט !

דוד (ווי פריהער). מיכל !

מיכל (לאָזט זיך צו איהם אַראָב און נעמט זיין געזיכט אין איהרע הענד). איך האָב אויף דיר געוואַרט און נישט געקאָנט זיך ערקלערען, וואָס האַלט דיך אָב. וואָס פאַר אַ שרעק האָב איך געהאַט, ווען דער קעניג האָט מיין שוועסטער מרב דיר אָנגעבאָטען, און ווי האָב איך געיויכצט, ווען דו האָסט זיך אָבגעזאָגט פון איהר, און שווערער נאָך איז מיר געפאַלען, פאַר וואָס דו קומסט נישט און פאָרדערסט מיך נישט אַלס דיין ריכטיגען פרייז. אָה, דוד, ווי האָב איך דורך דיר געליטען ! דו האָסט מיר אָוועקגערויבט מיין רוה ביי טאָג און מיין שלאָף ביי נאַכט. אָבער דאָס איז געוועזען גוט, וואָס איך בין נישט געשלאָפען און צו דיר מיך צוגעהערט. אַזוי האָב איך היינט פערנומען, ווי דו ביזט פון דיין צימער און דעם פאַלאַץ אַרויס, און איך בין גלייך דיר נאָכגעגאַנגען אין די שפורען פון דיינע פיס. אָה, ווי האָבטו נאָר געוואָלט ענטלויפען ! ווי האָסטו מיך געוואָלט פערלאָזען ! דאָך יעצט ווייסטו עס ! איך ליעב דיך ! אה, ווי איך ליעב דיך, און דיר געהערט מיין לייב און לעבען ! יעצט קום צום קעניג און פאָרדער דיר דיין פרייז ! קום, דוד, קום, מיין העלד און גבור !

דוד (וויינט אויף, פערגראבענדיג זיין געזיכט אין זיינע הענד). איך קאָן נישט, מיכל ! איך קאָן נישט !

מיכל (רוקט זיך אָב מיט שרעק). דו — קאָנסט — נישט ?

יונתן (קומט געאיילט). אה, איהר זייט דאָ ! שנעל, דער קעניג זוכט אייך ! (קוקט זיי ביידען אָן פערוואונדערט). ווי זייט איהר עפּעס ביידע ? וואָס איז פאָרגעקומען צווישען אייך ? — האָט איהר געהערט ? דער קעניג זוכט אייך און ער איז אין זיין גרעסטען כעס ! מען האָט איהם דערצעהלט, אַז איהר זייט ביידע פריה אויפגעשטאַנען און דעם פאַלאַץ שטיל פערלאָזען. ער איז גלייך אין זיין ווילדען כעס אַריינגעפאַלען, אין דעם כעס, וועלכען דער בייזער גייסט שיקט אויף איהם יעצט אַזוי אָפּט אָן, האָט אַלע דיענער געזידעלט און געשאָלטען, און דאַן מיך מיט ווילדע זידעלווערטער פון מיין שלאָף אַרויסגעריסען : איך מוז וויסען, וואו איהר זייט, וואוהין איהר זייט ענטלאָפען, וואָס איהר האָט אָבגערעדט צווישען אייך. און אַז ער האָט פון מיר גאָרנישט געקאָנט דערוויסען, ווייל איך אַליין ווייס גאָרנישט, דאָך איבערצייגט גאַנץ, אַז איך וויל איהם בלויז נישט זאָגען, האָט ער צושיקט זיינע דיענער, מען זאָל אייך געפינען און צו איהם ברינגען טויט אָדער לעבעדיג. — האָט איהר

עס געהערט ? — וואָס שטעהט איהר אזוי ?

מיכל (שטעהט גאַנץ אונבעוועגליך אין איהר גרויסען שרעק, נישט אראָבנעהמענדיג די אויגען פון דוד'ן, ווי זי וואָלט אַלץ געוואַרט אויף איין ערקלערונג פון איהם אויף זיינע ווער־טער. עס איז, ווי זי וואָלט גאַרנישט געהערט יונתן'ס רעד און נישט געמערקט אפילו זיין אנ־וועזענהייט).

דוד (האָט זיך ביי יונתן'ס ערשיינען לאַנג־זאם אויפגעהויבען, האַלט אָבער דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען און שטעהט, ווי ער אויך וואָלט נישט געהערט יונתן'ס רעד אָדער נישט אויס־געמאַכט זיך פון זיי).

יונתן. אין גאָטס נאָמען, וואָס איז צווישען אייך פאָרגעקומען ?

דוד (שטיל, מיט אראָבגעלאָזענע אויגען). איך האָב דיין שוועסטער ערשט געזאָגט, אז איך קאָן זי מיר פאַר א ווייב נישט נעהמען.

יונתן. דו קאָנסט נישט ?

דוד (מיט א שווערען זיפץ). ניין.

יונתן. דו מ ו ז ט דאָך חתונה האָבען מיט דעם קעניגס טאָכטער. זי איז פערשפּראָ־כען געוואָרען יענעם, ווער עס וועט הרג'ענען גלית דעם פלשתי — ביזטו דאָס אפשר נישט, וועלכער האָט אונז פון גלית'ן און די פלשתים בעפרייט ? האָט דאָס אפשר נישט ד י י ן שטיין דעם ריעז א טויטען אוועקגעלעגט ? דעם קעניגס טאָכטער געהערט דיר.

דוד. נישט פון איהר'ט וועגען בין איך ארויס געגען גלית'ן, נישט פון וועגען צו ווערען דעם קעניגס איידים האָב איך דעם ריעז גע־טויט. איך האָב עס געטאָן, ווייל ער האָט גאָט געלעסטערט און גאָטס פאָלק. איך האָב בלויז פאַר גאָט און זיין נאָמען געקעמפּפט.

מיכל (עטעמט שטאַרק, קרעמפּפט מיט די פינגער און גיט ארויס א טאָן פון גרויסען שמערץ).

יונתן. דאָך דיין שכר איז דעם קעניגס טאָכטער.

דוד. איך טאָר דעם שכר נישט אָננעה־מען. ווארום עס וועלען קומען די לאָכער און וועלען זאָגען, דוד האָט געזאָגט, אז ער נעמט זיך אָן פאַר גאָט, אָבער אין דער אמת'ן האָט ער געמיינט דעם קעניגס טאָכטער און דעם קע־ניגס רייכטום.

יונתן. וואָס אַרט עס דיך ? גאָט זעהט דיין הארץ און ווייס דעם אמת.

מיכל (לאַכט אויף).

דוד. מיין טהאָט מוז זיין ריין פאַר מענ־שען, ווי פאַר גאָט. עס מוזען אַלע וויסען און קיינער טאָר נישט צווייפלען : נאָר די ליעבע צו גאָט האָט געגעבען קראַפט מיין האַנד, נישט די ליעבע צו דעם קעניגס טאָכטער און נישט דאָס יאָגענים נאָך געלד און כבוד. ווי וועלען זיי עס וויסען, ווען איך וועל ווערען דעם קע־ניגס איידים ?

יונתן. ווילסטו דיין ליעבע מקריב זיין אויס מורא פאַר בייזע מענשענצינגער ?

דוד. איך וויל זי מקריב זיין גאָטס נאָ־מען, ווי איך האָב איהם מיין לעבען מקריב זיין געוואָלט.

מיכל (קרעכצט־אויף, מיט שרעק אין קול).

יונתן (נאָך א קליינעם שווייגען, אָנקוקענ־דיג דוד'ן מיט א פאָרשענדען בליק). פאַר וואָס־זשע ביזטו אזוי טרויעריג ? פאַר וואָס זעהסטו אזוי אונגליקליך אויס ?

דוד (ווענדט זיך אָב).

יונתן. דיין לעבען האָסטו איינגעשטעלט מיט שמחה, ביזט געגען גלית'ן געגאַנגען ווי צום טאַנץ — וואָס מאַכט דיין ליעבע־קרבן דיך אזוי טרויעריג ? טוסטו עס פאַר גאָט, דאַרפ־סטו דאָך פרעהליך זיין.

דוד (ביטער). אָה, לאַך נישט פון מיר און גיב נישט צו קיין שפּאָט צו מיינע שמער־צען !

יונתן. איז נישט אמת, וואָס איך זאָג דיר ?

דוד. ד ו האָסט נישט געליעבט.

יונתן. דאַן הער מיך און נעהם מיכל דיר פאַר א ווייב. גיב דיין האַנד מיר, גיט מיר אייערע הענד, איך וועל אייך פעראייניגען און איינשטעהן אויף פאַר אייך ביי דעם קעניג. איך וועל איהם זאָגען, אז זיין בכור האָט דעם חוב בעצאַהלט, וועלכען ער האָט נישט גע־וואָלט בעצאָהלען. (צו דוד). קום און זיי געבענשט. די מענשענצינגער — זיי וועלען זיך נישט דערוועגען געגען דיר צו רעדען. עס האָט דאָס גאַנצע פאָלק געהערט דעם קעניגס אויסרוף, און דאָך האָט קיינער נישט דערוועגט זיך געגען גלית'ן אויפצוטרעטען. נאָר דער, וועלכער איז געוועזען בעוואָפענט מיט דער ליעבע צו גאָט, האָט זיך געקאָנט דערוועגען, און איהם האָט גאָט אויך די קראַפט געגעבען. דאָס מוזען אַלע איינזעהן און אַלע מוזען עס בעגרייפען.

דוד. ד ו האָסט נישט געליעבט.

יונתן. וואָס וויל עס זאָגען ?

דוד. אויך די, וועלכע ליעבען, וואָלטען דעם מוט אין זיך געפונען.

יונתן. דו מיינסט אזוי ?

דוד. איך ווייס עס גאַנץ געוויס. זאָל היינט ווידער א גלית אויפטרעטען און דער קעניג זאָל מיכל אויסשטעלען אַלס פּרייז, איך וועל זיין אנבאָט אננעהמען און איהם פאַר דעם גאַנצען פאָלק דערקלערען : מיין קעניג, איך ליעב דיין טאָכטער מיכל און שטעל פאַר איהר מיין לעבען איין.

יונתן. דו מוזט נאָך א גלית האָבען צו

דיין גליק. האהא ! דאָך איך ליעב דיך צו שטאַרק און וואָלט נישט געוואָלט דיך אין אַ צווייטער גלית־געפאהר זעהן. קום און זיי נישט איינגעשפּאַרט. דו זעה דיר מיכל אן — דו טאָרסט זי נישט אזוי ליידען לאָזען.

מיכל. רעד נישט פון מיינע ליידען, יונתן. איך וועל נישט ליידען מעהר.

יונתן. די שטאָלצע מיכל רעדט עס. זיי געדולדיג, שוועסטער, רעד גאָרנישט נאָך געגען דיין ליעבע.

מיכל. מיכל דעם קעניג שאולס טאָכטער וויל זיך אין דער ליעבע נִיט טהיילען אפילו מיט גאָט.

יונתן. דאָס זיינען שטאָלצע ווערטער, דאָך וואָס זאָגט דיין האַרץ דערצו? אַך, איך האָב ניט געליעבט, דאָך ווייס איך די וועגען פון דער ליעבע בעסער פיעל אלס איהר. לאָזט די בלום, וועלכע גאָט האָט אין אייערע הערצער איינגעפלאַנצט, דאָך ניט פערדארבען. קומט, איך בין דער עלטערער און איהר מוזט מיך ביידע פאָלגען. גיב דיין האַנד מיר, דוד, און לאָז די מענשענצינגער—מענשענצינגער זיין. קום, שוועסטער, און לאָז דיר ניט פון דיין שטאָלץ דיין האַרץ פערבלוטען. אָדער זאָל אונזער פאָטערס וואָרט בלייבען ניט געהאַלטען? דער קעניג האָט אַ וואָרט געגעבען, דעם קעניגס קינדער וועלען עס פאַר איהם האַלטען.

שאול (גנבעט זיך פּלוצלונג ארויס רעכטס פון צווישען די בוימער מיט עטליכע דיענער). האהאהאהא, דו ווידערשפּעניגער און זוהן פון אַ ווידערשפּעניגערין! האָסט פריהער מיר אַ ליגען געזאָגט, אַז דו ווייסט נישט, וואו זיי זיינען און וואָס זיי האָבען אָבגעטראַכט, און לייגסט יעצט ווידער אין דיין טיעפען האַלז אריין, ווען דו זאָגסט, אז איך האָב מיין וואָרט נישט געהאַלטען.

יונתן. דו קענסט מיך זידלען און מיין מוטער, דערפאַר ביזטו פאָטער און מאַן, קעניג און הערשער נאָך דערצו. אָבער איך האָב קיין ליגען נישט געזאָגט. איך האָב זיי דאָ צופעליג געטראָפען און ערשט דאָ ארויסגעפונען, וואָס צווישען זיי קומט פאָר. און האָסטו דיין וואָרט געהאַלטען, וואָס דו האָסט פאַר דעם גאַנצען פאָלק געגעבען? האָט דער גלית־זיעגער דיין טאָכטער פאר אַ ווייב?

שאול. אונווירדיגער זוהן, דיין ליגען זאָל ווי זודיג בליי דיין האַלז פערשטאָפּען! האָב איך דען דיין גלית־זיעגער נישט אָנגעבאָטען מיין טאָכטער מרב? ער האָט זיך ענטזאַגט פון איהר, און איך בין פון מיין וואָרט פריי.

יונתן. האָסטו מרב אלס פרייז פאַר גלית'עס קאָפּ אויסגעשטעלט ? דו האָסט אַ טאָכטער אָנגעבאָטען: וויל ער די איינע נישט, מוזטו איהם די צווייטע געבען.

שאול. (ווילד מיט פויסטען צו איהם). אַההה !

מיכל (שנעל). דער קעניג איז פון זיין וואָרט פריי! (אַלגעמיינע פערוואונדערונג).

שאול (האַלט זיך איין אין זיין ווילדקייט און דרעהט לאַנגזאַם צו זיין קאָפּ צו מיכל). ווי ? !

מיכל. דער גלית־זיעגער האָט דעם קעניגס בעדינגונג גאָר נישט אָנגענומען.

יונתן. שוועסטער!

שאול (אומפּיהרענדיג זיין ווילדען בליק פון מיכל צו דוד'ן און פון דוד'ן צו מיכל) ער האָט מיין בעדינגונג נישט אָנגענומען?!

מיכל. ער האָט זיך גאָר אָנגענומען פאר גאָט, און נאָר אָבצוריייניגען גאָטס נאָמען האָט ער זיך געגען גלית'ן געשטעלט.

שאול (ווילד). דו ליגנערישער פּאַסטוך, דאָס איז דיין ענטפער מיר נישט געוועזען, ווען איך האָב דיר מרב אָנגעבאָטען! האָסט דיך ווי אַ וואָרים געקרימט, אין דרייען זיך איינגעדרעהט און זיך גאַנץ קליין געמאַכט. דאַן האָט עס געהייסען, אַז דו ביזט צו קליין און שפּל און דער שידוך איז פאַר דיר צו גרויס. אָה, ווי האַס איך דיך, דו נישטיגער צעהנטויזענדטויטער, מיט אַלע דיינע ליגען און שווינדלערייען !

דוד. ווייל שאול גלויבט מיר נישט, האָב איך איהם דעם ענטפער געגעבען, וועלכער זאָל ליעבער זיין זיינע אויערן. אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז איך ליעב דיין טאָכטער מיכל הייס און הייליג און האָב זי פון דיר נישט געפאָדערט. איך האָב איהר ליעבע אויך און דאָך קען איך זי מיר פאַר אַ ווייב נישט נעמען. איך האָב בעסער געוואָלט פון דיין הויז ענטלויפען, דיין טאָכטערס ליעבער אָנבליק זאָל מיך נישט דערדריקען. איך האָב גלית'ן נאָר פאר גאָט געטויט.

מיכל. גיב איהם איין אַנדער גלית, און ער וועט איהם פאר מיר טויטען.

יונתן (מיט גרויס שרעק). שוועסטער!

שאול. ווי ?

מיכל. דאָס האָט ער אַליין געזאָגט.

יונתן. שוועסטער, וואוהין טרייבסטו?!

דוד. יאָ, איך האָב דאָס אליין געזאָגט. שאַף מיר אפילו אַ גאַנצען גלית־חיל, אין נאָמען פון מיין ליעבע צו דיין טאָכטער שטעל איך מיך געגען איהם.

יונתן. דוד, רעד דאָך נישט אזוי. דער קעניג איז דיר זיין טאָכטער שולדיג.

שאול. שווייג! איך וועל דיר גלייך דערמאָנען, וואָס דו ביזט דעם קעניג שולדיג און וועל דיר פערשליעסען דיין מויל אויף אייביג. (צו דוד'ן) בין איך דיר וואָס שולדיג, האַרפּענשפּיעלער ?

דוד. גאָרניישט.

שאול. האָב איך דיר וואָס פערשפּראָכען און עס נישט געהאַלטען, שטיינוואַרפער?

דוד. האָסט מיר פערזענליך קיינמאָל גאָר־נישט פערשפּראָכען, און וואָס דו האָסט אין דיין אויסרוף פערשפּראָכען, איז געוועזן נישט פאַר מיר.

שאול (צו יונתן). הערסטו, וואָס דער פּאַסטוך זאָגט? מאָהן דו פון מיר נישט, וואָס ער מאָהנט נישט פון מיר! העהעהע.... (צו מיכל) און דו ליעבסט דעם גלית־טויטער?

מיכל (מיט שווערען אָטהמען). ניין, נישט דעם גלית־טויטער.

שאול. אההה, אהאהאהאה! די שטאָלצע קעניגסטאָכטער! קום אין מיינע אָרמס. דו ביזט מיין אמת בלוט. נישט אומזיסט האָט שאול דיך פון אַלע קינדער ליעבער. די אַנדערע זיינען נישט פון איהם. דו זעהסט די שמאַטע דאָרט: זיין טאַטע און דער טראָן זיינען איהם ווענינער ווי דער פּאַסטוך!... האהאהא, „ניין, נישט דעם גלית־טויטער"! הא הא . . . דאָך א י ה ם, א י ה ם ליעבסטו? דעם האַרפּענשפּיעלער, די בלאַנדע לאָקען, די רויטע באַקען, דעם שלאַנקען קערפּער, דעם שעהנעם, דעם הערליכען, דעם וואָרים, דעם פּיפּערנאָטער? א י ה ם — איהם ליעבסטו? יאָ, דו ליעבסט, דו ליעבסט! ביים דיר דיינע שעהנע ליפּען נישט! פרעג נישט ביי דיין שטאָלץ, פערריים דיין קאָפּ דיר נישט! דו ליעבסט — איך זעה. איך בין אַלט און ווילד און בייז, דאָך געדיינק איך גוט, ווי ליעבע קוקט, ווי ליעבע טרייבט דאָס האַרץ. דו ליעבסט — דו ליעבסט איהם — ביזט נישט בעסער פון דיין ברודער! געה פון מיר! האהאהא! און ער ליעבט דיך? „היים און היילינ" ליעבט ער דיך! האַ־אַ, ליעבסט זי, שעפּסענטרייבער? ליעבסט זי, פּלוי?

מיכל. פּאָטער!

שאול. האהאהא, עס האָט אנגעריהרט! ליעבסטו זי, בערענשלעגער?

דוד. דו האָסט מיין ענטפער שוין געהערט. און אויך אויף דיינע זידלרייען, קעניג, האָב איך דיר און אונזער פאָלק נישט איינמאָל שוין געענטפערט.

שאול. ווי שטאָלץ! דער וויבערהעלד! דער גבור אין די געזאַנגען פון אַלטע אויס־געלעבטע זונות! דאָך מיר ווילען גלייך זעהן דיין העלדישקייט און וואָס דיין וואָרט איז ווערט. הערט אַלע יעצט מיין וואָרט, און קע־ניג שאול ה א ל ט זיין וואָרט: ישי'ס זוהן קריגט מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, ווען ער בריינגט מיר פאַר איהר הונדערט פלשתים־קעפּ אין נדן.

יונתן (מיט גרויס שרעק). פּאָטער! (פער־דעקט זיך דעם קאָפּ).

מיכל. אההה! (קוקט אָן דוד'ן אין גרוי־סער שפּאַנונג).

(געמורמעל פון איבערראַשונג און שרעק אין דעם קעניגס סוויטע).

דוד (מיט התפעלות). איך נעם דיין וואָרט, מיין קעניג.

מיכל (לאַכט אויף, אויפלייכטענדיג אין גאַנצען געזיכט).

שאול. און איך וועל מיין וואָרט האַלטען. הונדערט פלשתים־קעפּ, און דו האָסט זי!

דוד. גאָט זאָל דיך בענשען, מיין קעניג! דו האָסט מיין רוה מיר צוריקגעגעבען, יעצט וועל איך גענעזען! דאַרף איך גלייך דיך פער־לאָזען, מיין קעניג?

שאול. אָבער גלייך.

דוד. דאַן געה איך שוין, און גאָט זאָל דיר אומקעהרען דיין פרעהליכען געמיטה, ווי דו האָסט מיינס אומגעקעהרט. זיי געזונד, מיין קעניג!—דעק אָב דיין קאָפּ, מיין יונתן! זעה, אין דיין דוד זינגט און יובעלט אַלץ, פול כוח און גבורה איז דיין דוד! קום קום מיך און העלף מיר יויכצען. גלויבסטו נישט אין מיר? איך וועל דער זיעגער זיין. — גלויבסטו אין מיר, מיכל? זיי געזונד, מיין כלה! גיב דיין האַנד מיר צום דרוק, אָבער איך וועל נאָך דיינע ליפּען בייגקען, און די פלשתים וועלען מיר דאַרפען מיין בייגקעניש בעצאָהלען. האַ־אַ, מיין ליעבע איז בעפרייט געוואָרען און האָט שמשונס קראַפט געוואונען. איך געה! צי־טערט, איהר פלשתים! (ווענדט זיך צו געהן).

מיכל (דערשראָקען). דוד! פּאָטער!

דוד (בלייבט שטעהן און קוקט זיך אום).

יונתן (העבט אויף דעם קאָפּ).

שאול. וואָס איז דער טאָן? איך דערקען די שטימע נישט.

מיכל (געפּאַסט). גאָרנישט... איך האָב געמיינט — הונדערט פלשתים זיינען דאָך צו־פּיעל.

שאול. פאַר דיר?

דוד. הונדערט פלשתים פאַר מיין מיכל?! צוויי הונדערט וועלען עס ווערען! מיין מיכל, איך ליעב דיך! (געהט אַוועק מיט געשלאָסענע אויגען, הויך אָטמענדיג, און מיט אָרמס, פער־נאַנדערגעשפּרייטע ווי צום אומאָרמען).

שאול. האהאהא, דאָס ליגנערמויל! האהאהא! ער קומט נישט צוריק!

יונתן (מיט פערצווייפלונג). שוועסטער, וואָס האָסטו געטאָהן!

מיכל (גאַנץ פערקלערט, בעגייסטערט, מיט אַ גליקליכען אויסדרוק אויפען געזיכט, שווער אָטמענדיג). ער ליעבט—מיך!... ער וועט זיעגען!...

דר. א. סינטאָווסקי

דאַס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט

דאַס רעכט פון פריעדען, דאַס קריעגס־רעכט, דאַס ים־רעכט, נייטראַליטעט.

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט אָדער ווי דאָס הייסט אויך „דאָס פעלקער־רעכט", איז דאָס רעכט, וואָס רעגולירט די בעציהונגען פון די פעלקער איינע צו די אַנדערע, סיי אין פריעדענס צייט, סיי אין קריעגס צייט. דער נאָמען ווי אויך די דעפיניציאָן זיינען אָבער ביידע ניט גאַנץ ריכטיג און געלונגען. דאַס פעלקער רעכט איז ניט דאָס רעכט פון די פעלקער אָדער נאַציאָנען, נור דאָס רעכט פון די לענדער אדער רעגיערונגען. ווען אַ לאַנד, צ. ב. פערליערט איהר זעלבסטשטענדיגקייט דורך מלחמה אָדער אָהן מלחמה, הערט דאָס לאַנד אויף צו זיין אַ מיטגליעד פון דער פעלקעררעכטליכער פאַמיליע, כאָטש דאָס לאַנד און דאָס פאָלק וואָס בעוואָהנט עס עקזעסטירען ווי פריעהער, ווי דער פאַל איז געווען מיט פוילען. דאָס פעלקעררעכט נעהמט אַרום ניט נור דאָס רעכט, וואָס בעציהט זיך אויף מלוכות, אַלס גאַנצע, נור אויך די נאָרמען און געזעצען, וואָס בעציהען זיך אויף איינציגע מענשען אָדער קאָרפּאָראַציאָנען, ווי צ. ב. פּראָצעסירען אָן אנגעהעריגען פון אַ פרעמדע מלוכה פאַר אַ פערברעכען וואָס ער איז בעגאַנגען ניט אין דאָס לאַנד וואו ער געפינט זיך יעצט, נור אין זיין פריהעריגען וואָהנאָרט.

פיעלע יוריסטען גלויבען, דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט דאַרף ניט קלאַסיפיצירט ווערען אַלס רעכט, ווייל ס'פעהלט אין איהם איינער פון די וויכטיגסטע טהיילען וואָס בילדען רעכט. זיי ווענדען איין דאָס פאָלגענדע: דער אונטערשיעד צווישען מאָראַלישע געזעצען און רעכטליכע, בעשטעהט אין דעם, דאָס די מאָראַל האָט ניט ביכולת צו נייטען אָבצוהיטען איהרע געזעצען. דאָס רעכט אָבער קען אונז דערצו צווינגען. ס'איז אַ מאָראַלישעס פערברעכען צו זאָגען ליגען אָדער ניט צו העלפען אַ פריינד אין אַ נויט; די מאָראַל האָט אָבער ניט קיינע עקזעקוטיווע מיטלען צו בעשטראַפען די פערברעכער אָדער דורכצוזעצען איהרע געזעצען און פאָרשריפטען איבער געוואַלט. אַנדערש איז דאָס רעכט. דאָס רעכט האָט צוויי אָרגאַנען: אַ געזעצגעבענדען אָרגאַן, וועלכער מאַכט און גיט ארויס די געזעצען, און אַ עקזעקוטיווען אָרגאַן, וועלכער פאַסט אויף אויף די דורכפיהרונג פון די געזעצען און בעשטראָפט ווען מען איבערטרעט זיי. די מאָראַל זוכט דעריבער שטענדיג זיך צו שטעלען אונטער דעם שוטץ פון איהר מעכטיגערע שוועסטער — פון רעכט. דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט האָט אָבער אויך ניט קיינע צוואַנגסמיטלען, מיט וועלכע זי זאָל קענען דורכפיהרען איהרע פאָרשריפטען. זי ליגט אַרויף אַ ריין מאָראַלישע פפליכט אויף די רעגיערונגען אָפּצוהיטען איהרע רעגעלן. צווינגען אָבער קען זי זיי ניט.

ס'איז נאָך אין ערשטען צושטאַנד פון ענטוויקלונג, וואו מאָראַל און רעכט זיינען נאָך צוזאַמענגעקניפּט, דורכגעפלאָכטען איינס מיט דאָס אנדערע. דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט איז אַ קינד פון דער מאָדערנער צייט. בעזאָנדערס אין זיין וויכטיגסטען טהייל, אין יענעם טהייל, וואו ס'האַנדעלט זיך וועגען די וויכטיגסטע אינטערעסען פון די פעלקער, פון די גרויסע און ברייטע מאַסען און אויך אין האַנדעל. וואָס מעהר די רעגיערונגען ווערען דעמאָקראַטיזירט, וואָס מעהר די מאַססען ווערען בעוואוסטזיננינג און וואָס מעהר די רעגיערונג איז פעראַנטוואָרטליך פיר דאָס פאָלק, אַלץ זיכערער און פעסטער ווערט די פאָזיציע פון דאס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט. אויב עס איז נאָך איצט ניט קיין ריכטיגעס רעכט אין פוללען זין פון'ם וואָרט, וועט דאָס אָבער אָהנע צווייפעל זיין אַ רעכט דאַן, ווען מאָנאַרכישע רעגיערונגען מיט ניט פעראַנטוואָרטליכע קסרים וועלען זיין אַ זאַך פון דער פערגאַנגענהייט און די בעוואוסטזיניגע מאַססען וועלען זיך פאָלקאָם אַליין רעגיערען. דאַן וועט זיכער דאָס פעלקער־רעכט האָבען אויך אַזעלכע אָרגאַנען, וואָס וועלען קענען צווינגען די רעגיערונגען — אַ זאַך וואָס וועט קוים נעטהיג זיין — צו פאָלגען איהרע געזעצען.

די קוועלען און איינטיילונג פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט.

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט האָט ניט קיינע געזעצגעבערס, אַזוי ווי דאָס געוואוינליכע רעכט. ס'האָט אויך ניט קיין קאָדעקס, וואו

איהרע געזעצען זיינען דעפינירט. די קוועלען פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט זיינען:

1. די ווערק פון בעריהמטע און אנערקענטע אויטאָריטעטען אין פעלקעררעכט.
2. די פערטראַגען אָדער טריטים פון די פערשיעדענע מלוכות מיט איינאַנדער.
3. די ענטשיידונג פון די פרייז געריכטען.
4. אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצען.
5. פשרה טריבונאַלס.
6. די אינסטרוקציעס, וועלכע די רעגיערונגען גיבען ארויס און נאָך וועלכע זייערע בעאַמטע אין געריכטען אָדער זאָגאַר אַללע אנגעהעריגע צו דער מלוכה מוזען זיך פיהרען און זיך בענעהמען. יעדע מלוכה גיט אַרויס אינסטרוקציעס ווי איהרע אָפיצערען דאַרפען זיך פיהרען אין מלחמה מיט געפאַנגענע, מיט פערוואונדעטע, מיט דער בעפעלקערונג פון די פרעמדע מלוכות, אָדער אין פלאַץ פון נייטראַליטעט וואו איהרע בירגער מוזען זיך בעהאַלטען. פרעזידענט ווילסאָן צ. ב. האָט איצט ארויסגעלאָזען אזא סאָרט פראקלאַמאַציע. געוועהנליך ווערען די אַלע קוועלען, וועלכע זיינען אויפגעפיהרט אין סעקציאן 2. ביז 4. אויסגענוצט פון די שרייבער און לעהרער פון אינטערנאַציאָנאַלעס רעכט און געהען אַריין אין זייערע ווערק.

די הויפט טהיילען פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט זיינען:

1. דאָס רעכט פון פריעדען.
2. דאָס קריעגסרעכט און ים רעכט, און
3. דאָס רעכט פון נייטראַליטעט..

דאָס רעכט פון פריעדען.

אין פעלקעררעכט ווערען די מלוכות, וואָס דאָס פעלקעררעכט בעציהט זיך אויף זיי, בעצייכענט אַלס די „פאַמיליע פון די פעלקער". צו דער פאַמיליע קענען געהערען נור ציוויליזירטע מלוכות. באַרבאַרישע, ווילדע שבטים אָדער נאָמאַדען—קענען צו דער פעלקעררעכטליכער פאַמיליע ניט געהערען.

ס'מאַכט ניט אויס ווי גרויס אַ מלוכה איז, צו גרויס ווי רוסלאַנד, אָדער קליין ווי לוקסעמבורג, יעדע איינע האָט דאָס זעלבע רעכט ווי דאָס אנדערע. אויסער די אַלע קריסטליכע מלוכות געהען אויך אריין אין די פעלקעררעכטליכע פאַמיליע איניגע ניט קריסטליכע, ווי טירקיי, פערסיען, חינאַ, יאַפּאַן, אסקאַט און סיאַם. יאַפּאַן האָט זיך ערשט ניט לאַנג איינגעקויפט אין יחוס. מיט דעם אויפגענומען ווערען אין דער משפחה ווערט מען שוין בעטראַכט אַלס ציוויליזירטע לאַנד.

אויב מעהרערע קליינע מלוכות זיינען פערבונדען אין איין גרויסע ווי דייטשלאַנד אָדער די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא אָדער די שווייץ, זיינען זיי דאַן פעלקעררעכטליך פערטראָטען דורך זייער פרייער רעגיערונג. יעדער שטאַאַט בעזונדער האָט קיין רעכט ניט צו שיקען געזאַנדטע, אַמבאַסאַדאָרס אין אַנדערע מדינות, אָדער שליעסען טריטים; דאָס קען נור מאַכען די יוניאָן.

ס'גילט אַלס רעגעל אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, דאָס קיין מלוכה האָט קיין רעכט ניט צו אריינמישען זיך אין די אינערליכע ענינים פון אַנאַנדער מדינה. די פאָרמע פון מלוכה אָרדנונג, וועלכע אַ מדינה האָט, דאַרף קיין אַנדער מלוכה ניט אָנגעהן. די געשיכטע ווייס אָבער פון אזוי פיעל פעלע וואו דיעזע רעגעל איז געטראָטען געוואָרן מיט די פיס, דאָס מ'קען מיינען, אַז דאָס איז נור אַ פאַפּירענע רעגעל. אין די צייטען פון 1815 ביז 1830 האָבען די רעגיערונגען וואָס האָבען געהערט צו דער הייליגער אַלליאַנץ מיט געוואַלד אונטערדריקט די רעפובליקען, וועלכע ס'האָבען זיך געהאַט געבילדעט נאָכדעם ווי פיעלע מאָנאַרכיעס זיינען געפאַלען.

גאַנץ אָפט בעט איין מלוכה די אַנדערע איהר העלפען צו אונטערדריקען אַ רעוואָליוציאָן וואָס ברעכט אויס אין איהר מדינה, אָדער איהר העלפען קעמפפען מיט איהרע אינסורגענטען. אין 1849 איז די רוסישע רעגיערונג געקומען צו הילף די עסטרייכישע אויף איהר אייגענע בקשה מיט מיליטערישע שטיצע צו אונטערדריקען די אונגאַרן, וועלכע האָבען זיך אויפגעהויבען געגען עסטרייך און זיך געוואָלט אָפּטהיילען.

יעדע מלוכה קען גרעסער ווערען אין איהר טעריטאָריע אָדער קלענער ווערען. זי קען גרעסער ווערען אויף פערשיעדענע אופנים: דורך איינגעהמען איין אַנדער מדינה אָדער אַ טהייל פון איהר, דורך ענטדעקען אַ נייע שטיק לאַנד, דורך קויפען, דורך שיינקען. אַמאָל פלעגט זיין אַ מאָדע, אַז קסרים פלעגען געבען נדן גאַנצע פּראָווינצען. איצט איז דאָס שוין אָפּגעפאַלען. אפילו אין די מאָנאַרכישע לענדער זיינען שוין די אונטערטהאַנען אזוי קלוג, דאָס מ'האָט שוין מורא מיט זיי צו האַנדלען ווי מיט בהמות. קויפען אַ שטיק לאַנד דורך איין מדינה פון דער צווייער קומט אָפּט פאָר. אַזוי האָבען די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקא אָפּגעקויפט אַלאַסקא פון רוסלאַנד.

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט בעהאַנדעלט אויך די פראַגע וועגען די גרענעצען, דאָס טעריטאָריום און דאָס רעכט פון אַ לאַנד אויף איהרע וואַסערן. אַלע וואַסערן, וואָס זיינען אין לאַנד, געהערען צום לאַנד. דאָס מיינט, דאָס יעדע רעגיערונג האָט אַ רעכט אַרויפלייגען אָפּצאָהלונגען אויף שיפען, וואָס געהען דורך איהרע וואַסערן. דער ים איז אין דער רעגעל פריי. קיינער קען איהם ניט מאַכען פאַר זיין אייגענטהום. 3 מייל אָבער ווייט פון ברעג רעכענט זיך צום ברעג און ווערט בעטראַכט אַלס געהעריג צום לאַנד, צו וועלכען דער ברעג געהערט.

עס זיינען פאַראַן טייכען, וואָס ווערען בעטראַכט אַלס אינטערנאַציאָנאַלע. צום ב. ש.

דער רהיין, דער דוניי. די רעגיערונגען מוזען דורכלאָזען אלע שיפען פריי פון אָבצאָהלונגען. דאָך אין אַ צייט פון מלחמה וועט זיכער די שטאַרקערע מלוכה קיינע פרעמדע שיפען ניט דורכלאָזען. עס איז אָבער פאַראַן אַ געוויסער וואסערוועג, וואָס מוז אונטער אַלע אומשטענדען פריי בלייבען. דאָס איז דער סועצער קאַנאַל. ער איז בעטראכט אַלס נייטראַל. סיי אין צייט פון פריעדען, סיי אין צייט פון קריעג מוז ער שטענדיג בלייבען אָפען פאַר אַלע שיפען — סיי פאַר קריעגסשיפען, סיי פאַר האַנדעלס שיפען. קריעגס שיפען דאַרפען אָבער דאָרט, אזוי ווי אין יעדען נייטראַלען פּאָרט, ניט בלייבען לייגגער ווי 24 שטונדען.

איינע פון די וויכטיגע פראגען פון אינטערנאַציאָנאַלען רעכט איז די פראַגע וועגען יורים־דיקציאָן, דאָס מיינט, נאָך וועלכען רעכט זאָל אַ פרעמדער בירגער, וואָס געפינט זיך אין לאַנד, געמשפּט ווערען — צו נאָך די געזעצען פון לאַנד פון וואַנען ער קומט, צו וואו ער האָט בעגאַנגען דעם פערברעכען, צו וואו מען האָט איהם געכאַפּט. געוועהנליכע פערברעכער גיט מען אין דער רעגעל ארויס צו דער רעגיערונג, וואו זיי זיינען בירגער. קיין לאַנד דאַרף ניט אַרויסגעבען פּאָליטישע פערברעכער, דאָס מיינט נור, דאָס קיין לאַנד איז ניט פערפפליכטעט זיי ארויסצוגעבען. נור ענגלאנד און די שווייץ היטען דאָס אָפּ.

קיין לאַנד דאַרף ניט אַרויסגעבען איהרען אַן אייגענעם בירגער צו אַנאַנדער לאַנד, אויב ער האָט דאָרטען בעגאַנגען אַ פערברעכען.

אַלע האַנדעלסשיפען, וואָס געפינען זיך אין פּאָרט אָדער אין די וואַסערן, וואָס פליעסען אין לאַנד, געהערען צו דער יוריסדיקציע פון דעם לאַנד.

די געזאַנדטע, די קאָנסולען און אַלע זייערע מענשען וואָס אַרבייטען פיר זיי ווערען בעטראַכט אַלס עקסטעררימאָריעל. זיי געהערען צו דער יוריסדיקציאָן פון זייער אייגענע לאַנד. אזוי אויך קריעגסשיפען. אויסגעשלאָסען זיינען אויך דעם קיסר און זיין סוויטע, ווען ער פאהרט ניט אינקאָגניטאָ. אויך דער פרעזידענט מיט זיינע בעגלייטער.

נאָך ניט בעשטימט איז די ענטשיידונג פון דער פראַגע וועגען אַ בירגער, וואָס האָט זיך נאַטוראַליזירט אין אַן אַנדער לאַנד, וועלכער קעהרט זיך אום צו זיין געבורטסלאַנד און וויל בעהאַנדעלט ווערען אלס אַ בירגער פון דאָס נייע לאַנד, וואו ער האָט זיך נאַטוראַליזירט. צום ב. ש. אַמעריקא און רוסלאַנד נעהמען דאָ איין גראַדע עקסטרים געגענגעזעצטע פּאָזיציעס. רוסלאַנד האַלט זיך נאָך אַלץ ביים מיטעלעלטערליכען רעגעל Nemo potest exuere patriam (קיינער קען ניט פערלאָזען זיין פאַטערלאַנד). אַמעריקא דאַגעגען גלויבט, אַז דאָס רעכט זיך צו עקספּאַטרואירען איז אַזאַ רעכט וואָס געהערט צום מענשען, ווי דאָס רעכט אויף פרייהייט. מאַנכע אַנדערע רעגיערונגען האַלטען אויך דאָסזעלבע. אין ערגעץ אָבער האָט די געגנערשאַפט צו דעם רעכט פון עקספּאַטרואירען זיך ניט אָנגענומען אַזאַ פערביסענע פאָרמע ווי אין רוסלאַנד. רוסלאַנדס אַנשויאונגען זיינען ענג פערבונדען מיט דער אידעע פון זעלבסטהערשונג. דער זעלבסטהערשער בעטראַכט אַלע מענשען וואָס וואָהנען אין זיין לאַנד אַלס זיינע אונטערטהאַנען, אַלס אַזעלכע וואָס געהערען צו איהם.

קיין לאַנד האָט קיין רעכט ניט אין צייט פון קריעג צו רופען צו מלחמה און נעהמען פיר סאָלדאַטען בירגער פון אַן אַנדער מדינה. זיי קענען געהן אַלס וואָלאָנטירען ; די לאַנד וואו זיי וואָהנען טאָר זיי אָבער ניט צווינגען דערצו. דער פונקט איז דאָ אין אַלע טריטיס וואָס סיי אַמעריקא, סיי די אייראָפּייאישע מלוכות האָבען געשלאָסען אין דער צווייטער העלפט פון לעצטען יאָהרהונדערט.

איבער פּיראַטען (ים רויבער) וואָס אַ לאַנד כאַפּט אין ים, האָט די לאַנד, וואָס האָט זיי געכאַפּט, די פולע יוריסדיקציאָן.

אַלע שיפען אין מיטען ים געהערען צו דער יוריסדיקציאָן פון זייער אייגענע לאַנד. צום ביישפּיעל, אויב אַ פּאַסאַזשיר פון רוסלאַנד אָדער שפּאַניען פאהרט אויף אַ דייטשע שיף, דאָס הייסט אויף אַ שיף, וואָס פאהרט אונטער אַ דייטשע פלאַג, און ער בעגעהט אַ פערברעכען, ווערט ער גע'משפט נאָך דעם דייטשען רעכט.

קריעגס־רעכט.

צום גרויסען בעדויערען פון דעם גרעסטען טהייל פון די ציוויליזירטער וועלט פערנעהמט נאָך דיעזער טהייל די וויכטיגסטע שטעללע אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט. ער איז אבער זעהר וויכטיג, ווייל ער ענטהאַלט די קאָנסטיטוציע פון די רעכט, וואָס צום בעדויערען ווערען זיי ניט שטענדיג סטריקט אָפּגעהיט, סיי פון די קעמפּפענדע צדדים, סיי פון די איינוואָהנער פון די לענדער וואָס האַלטען מלחמה, סיי פון די נייטראַלע לענדער. די הויפּטרעגעלען זיינען אָנגענומען געוואָרען און אונטערגעשריעבען פון אַלע ציוויליזירטע מלוכות אויף די צוויי האַאַגער קאָנפערענצען אין 1898 און 1907. זיי זיינען ניט געשאַפען געוואָרען צום ערשטען מאָל. אַלס פּראָדוקט פון ציוויליזאַציאָן און דעמאָקראַטיזם זיינען זיי שוין אויך פריהער מעהר אָדער ווייניגער געוועזען אין געברויך. אויף די צוויי קאָנפערענצען האָבען זיך די רעגיערונגען שריפטליך פערפפליכטעט זיי אָפּצוהיטען. אינטערעסאַנט איז דאָס אַלס אַ גרונדלאַגע צום קריעגס־רעכט אויף דער יבשה איז געוועזען די אינסטרוקציאָן וואָס די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען האָט אין 1836 ארויסגעגעבען צו איהרע

אָפּיצערען. דר. פראַנץ ליעבער איז געוועזען דער מחבר פון איהר.

קריעגסרעכט מיינט דאס רעכט, וואָס דארף אָפּגעהיט ווערען אין צייט פון קריעג, סיי פון די מלוכות וואס פיהרען קריעג, סיי פון די וואָס שטעהען פון ווייטען.

די אידעע פון וועלכער דאָס מאָדערנע קריעגס־רעכט געהט אַרויס איז, דאָס אַ קריעג פיהרט ניט איין פאָלק מיט דעם אַנדערען, נור איין רעגיערונג מיט דער אַנדערער. אַמאָל פלעגען די שטרייטענדע פעלקער זיך בעטראַכטען אין קריעג איינס מיט דעם אַנדערען. מען פלעגט זוכען דעריבער וואָס מעהר צרות איינער דעם אַנדערען אָנצוטהאָן. מען פלעגט ניט אונטערשיידען צווישען פריוואַט מענשען אָדער מענשען וואָס שטעהען אין אַקטיווע דיענסט און קעמפּפען.

מיר קענען ליידער צולאַנג זיך ניט אָפּשטעלען אויף אַלע פונקטען פון דעם פּראָטאָקאָל פון דער האַאַגער קאָנפערענץ.

די געזעצע, די רעכט און פפליכטען פון קריעג בעציהען זיך ניט נור אויף רעגעלע אַרמעען, נור אויך אויף מיליץ און פריייוויליגע קאָרפּוסען. די לעצטע מוזען אָבער שטעהן אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ פעראַנטוואָרטליכען אָפּיצער, מוזען טראָגען אַ זיכטבאַרען צייכען, צו צייגען, דאָס זיי זיינען סאָלדאַטען און מוזען טראָגען זייער וואַפען אָפען — ניט בעהאַלטען — און אליין אויך אָפּהיטען די געזעצען פון קריעג. אין די לענדער וואו ס'זיינען פאראַן נור מיליץ, ווי שווייץ, ווערט די מיליץ בעטראַכט אַלס די רעגעלע ארמיעע.

די קריעגס־געפאַנגענע מוזען בעהאַנדעלט ווערען הומאַניש, מענשענפריינדליך. אויסער וואַפען, פערד און מיליטערישע פאַפּירען בלייבט אַלץ וואָס זיי פערמאָגען זייער פריוואַט אייגענטהום.

די געפאַנגענע מעגען בענוצט ווערען צו אַרבייט, אָבער ניט צו אַזעלכע, וואָס איז פערבונדען מיט מיליטערישע אָפּעראַציאָנען. זיי קענען אַרבייטען סיי פאַר דער רעגיערונג, סיי פאַר עפענטליכע אַנשטאַלטען, סיי פאַר פריוואַטע מענשען. אויב זיי אַרבייטען פאַר דער רעגיערונג מוז זי צאָהלען דאס זעלבע וואָס זי צאָהלט איהרע אייגענע סאָלדאַטען פיר אַזא סאָרט אַרבייט. די פריוואַטע מענשען און עפענטליכע אינסטיטוציאָנען מוזען דעם פרייז בעדינגען מיט די מיליטערישע אויטאָריטעטען.

זייער לוין מוז געהן אויף אויסבעסערונג פון זייער לאַגע. און נאָכדעם ווי מען רעכענט אַראָפּ די קאָסטען זיי אויסצוהאַלטען קריעגען זיי דעם רעשט ווען מען בעפרייט זיי.

די מלוכה מוז זיי שטענדיג אויסהאַלטען.

אַ געפאַנגענער וועלכער אַנטלויפט און מען כאַפּט איהם איידער ער האָט בעוויזען זיך אָנצושליעסען אָן זיין אייגענע אַרמעע קאָן דיסציפּלינאַריש בעשטראָפט ווערען. געלינגט איהם אָבער זיך צוצושלאָגען צו זיין אייגענע אַרמעע און נאָכהער פאַנגט מען איהם ווידער דאַרף מען איהם ניט בעשטראָפען פאַר'ן ענטלויפען פריהער.

אויב מען בעפרייט אַ געפאַנגענעם אויף זיין עהרענוואָרט ניט מעהר צו קעמפּפען דאַרף זיין רעגיערונג איהם ניט נייטען ווידער אַריינצוטרעטען אין אַרמעע. טהוט ער דאָס אַליין און מען פאַנגט איהם ווידער מיט וואַפען אין די הענד פערליערט ער זיין רעכט בעהאַנדעלט צו ווערען ווי אַ קריעגס־געפאַנגענער און מען קאָן איהם זאָגאַר ברענגען פאַר אַ מיליטערישע געריכט.

קריעגס־קאָררעספּאָנדענטען, קאָנטראַקטאָרס און דערגלייכען אויב זיי פאַלען אַריין אין דעם שונא'ס הענד און קאָנען ברענגען דאָקומענטען פון די מיליטערישע בעאַמטע פון דער אַרמעע וועלכע זיי האָבען בעגלייט ווערען בעהאַנדעלט ווי קריעגס־געפאַנגענע.

עס ווערט געמאַכט אַ אינפאָרמאַציאָנס־ביורא פיר די קריעגס־געפאַנגענע. דיעזע ביורא האָט פרייע פּאָסט. אפילו די וואָס שיקען עפּעס צו די געפאַנגענע דאַרפען קיין פּאָסטגעלד ניט צאָהלען. אַמבולאַנסען און מיליטערישע האָספּיטאַלס ווערען בעטראַכט אַלס נייטראַל. זייער צייכען איז אַ רויטער קריין אויף אַ ווייסען גרונד. דאָס איז נאָך פריהער גערעגעלט געוואָרען אין זשענעווע אויף אַ קאָנפערענץ. די טערקען, די פערסיער און די יאַפּאַנעזער האָבען אויסגערעדט אויף דער האַאַגער קאָנפערענץ, דאָס זיי וועלען בענוצען אַנאַנדער צייכען ווי דעם קריין ווייל זייער רעליגיאָן פערבאָט זיי צו בענוצען דעם צלם.

ספּעציעל פערבאָטען איז אין מלחמה צו געברויכען גיפט אָדער פערגיפטעטע וואַפען צו טויטען אָדער פערוואונדען אַ שונא וואָס האָט אַנידערגעלעגט די וואַפען אָדער צו געברויכען אַזעלכע קוילען וואָס מאַכען אונניציגע וואונדען. די קוילען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען דום־דום זיינען פערבאָטען צו געברויכען.

שפּיאָניערען און שיקען שפּיאָנען איז ניט געגען די געזעצען פון מלחמה. די שפּיאָנען אָבער זיינען ניט געשיצט. אז מען כאַפּט זיי שיעסט מען זיי.

ס'איז אויך פערבאָטען צו באָמבאַרדירען שטעדט וועלכע זיינען ניט פערטהיידיגט.

ווען דער שונא נעהמט איין אַ שטאָדט טאָר ער ניט נייטען די איינוואוינער צו קעמפּפען געגען זייער אייגענע לאַנד. מען טאָר פון זיי אויך ניט אָפּנעהמען אַ שבועה, דאָס זיי וועלען זיין טריי צו דער נייער רעגיערונג. די שבועה ווערט געוועהנליך געגעבען נאָכדעם ווי די פּראָווינץ איז שוין פאָרמעל אַריבער צו

דער נייער רעגירונג. דאָס געשעהט נאָך דעם ווי פריעדען איז געשלאָסען געוואָרען.

פריוואַט־אייגענטום קאָן ניט קאָנפיסקירט ווערען.

אויך קאָן ניט קיין שטראָף סיי אין דער פאָרם פון געלד, סיי אין אַנאַנדער פאָרם ארויפגעלעגט ווערן אויף די איינוואוינער פאר'ן פיהרען מלחמה. פלינדערן, ראַבעווען איז פאָרמעל פערבאָטען.

פאַר אַלין וואָס די בעפעלקערונג שטעלט צו מוז דער שונא בעצאָהלען. אויב ניט מוז ער געבען אַ קבלה.

פאַר די קבלות קאָן אַ מאָל די אייגענע רעגירונג בעצאָהלען, עס איז אָבער ניט שטענדיג זיכער.

געלד אָדער אַזוי זאַכען וואָס געהערט צו דער רעגירונג — ניט צו פריוואַט מענשען — קאָן דער שונא פערנעהמען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס די אַלע רעגלען און געזעצען ווערען אויך אָפט איבערטרעטען אויב די מיליטערישע בעדינגונגען פאָדערן דאָס אַבסאָלוט. זעהר אָפט בענוצט מען זיך אויך מיט אַזאַ אויסרייד. געוועהנליך ווערט דאָס אָבער אָפגעהיט. יעדע ציוויליזירטע רעגיערונג זוכט געוועהנליך צו בעהאַנדלען די פריעדליכע איינוואוינער פון די ערטער וועלכע זי נעהמט איין אידעל און פריינדליך אויף ווי וויט סאָלדאַטען אין מלחמה־צייט זיינען פעהיג צו זיין אידעל און גוט.

קריעגס־רעכט אויף דעם ים — ים־רעכט.

דאָס קריעגס־רעכט אויף דעם ים איז עלטער אַלס אויף דער יבשה. דאָ האַנדעלט זיך דאָס רעכט אַנדערש ווי אין יבשה־רעכט. פריוואַט־אייגענטום ווערט שוין ניט רעספעקטירט. ניט נור רעגיערונגס־שיפען, נור אויך פריוואַט־שיפען קאָנען געכאַפט ווערען און געהערען צום כאַפער אַלס אַ פרייז, און ניט נור די שיף אַליין, נור אויך זיין גאַנצע משא אָדער ווי דאָס הייסט די קאַרגאָ. מען ערקלערט דעם איינברוך אין דאָס געביעט פון פריוואַט־אייגענטום אַלס אַ מיליטערישע נויטווענדיגקייט צוליעב מלחמה־צוועקען, ווייל דאדורך קאָן מען דעם שונא אָפשניידען דאָס צופיהרען פון אַמוניציאָן און וואַפען, אָדער סתם פיעל שאַדען. מען פרעגט אַפילו ניט וועמענס די קאַרגאָ איז, מען נעהמט אויך צו לאַדונגען וואָס געהערען צו בירגער פון נייטראַלע מדינות. עס ווענדט זיך נור אָן די פלאַג פון שיף. די נאַציאָנאַליטעט פון שיף קאָן מען שטענדיג וויסען פון איהרע פאַפיערען. יעדע שיף האָט אַזאַ מין מעטריקע און אַ פאַס.

די פערזענליכע זאַכען פון דעם קאַפיטאַן און זיין קאָמאַנדע נעהמט מען ניט צו. פישעריי דריי מייל פון ברעג, אויב דער פאָרט איז ניט בלאָקירט, איז ערלויבט.

עס עקזיסטירט אין יעדע מלוכה אַ געריכט וואָס ענטשיידעט אויב אַ שיף איז מיט רעכט פערכאַפט געוואָרען. דאָס געריכט הייסט פרייז־געריכט און בעשטעהט פון די ריכטער פון דער מדינה וועמענס מענשען עס האָבען פערכאַפט די שיף. מען האָט געפלאַנעוועט דעריבער צו מאַכען אַ אינטערנאַציאָנאַלען פרייז־געריכט. ביז איצט איז דאָס נאָך ניט דורכגעפיהרט.

נייטראַליטעט.

נייטראַל איז אַ מדינה ווען זי שטעהט ניט צו צו קיינעם פון די שטרייטענדע צדדים.

עס זיינען דאָ דריי מדינות אין אייראָפאַ, די שווייץ, בעלגיען און לוקסעמבורג, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען פון די מלוכות אַלס אינטערנאַציאָנאַלע נייטראַלע מדינות, די מלוכות שיצען זייערע נייטראַליטעט.

אַ נייטראַלע מלוכה דאַרף אויף קיין אופן ניט און קיין הינזיכט ניט העלפען די שטרייטענדע פאַרטייען. זי דאַרף ניט ערלויבען צו רעקרוטירען אין איהר לאַנד סאָלדאַטען אָדער פרייוויליגע פאַר די שטרייטענדע. רעזערוויסטען פון די שטרייטענדע לענדער, וועלכע געפינען זיך אין איהר לאַנד און ווילען פאָהרען צו זייערע פאַטערלענדער, דאַרף זי ניט שטערען פון פאָהרען. די נייטראַלע רעגיערונג טאָר ניט פערקויפען קיינע שיפען צו די קריעגס־פיהרער אָדער לאָזען בויען נייע שיפען פאַר זיי, זי טאָר אויך ניט לאָזען דאָס טהאָן איהרע בירגער. דאָס גלייכען וואַפען און אַמוניציאָן. די וואַפען קאָנען פערקויפט ווערען אין לאַנד, דאַרפען אָבער ניט אָפגעשיקט ווערען צו די קריעגס־פיהרענדע לענדער.

אין אַ נייטראַלען פאָרט טאָר מען קיין שיפען ניט פערכאַפען. אויב סאָלדאַטען פון אַ קעמפפענדע מלוכה בעטרעטען אַ נייטראַלען באָדען מוזען זיי ענטוואָפענט ווערען.

האַנדעלס־שיפען מעגען בלייבען אין אַ נייטראַלען האַפען ווי לאַנג זיי ווילען, קריעגס־שיפען אָבער מעגען אַריינגעהען אין אַ נייטראַלען פאָרט, טאָרען אָבער ניט בלייבען לענגער ווי 24 שעה. אויב זיי וועלען בלייבען לענגער מוזען זיי ענטוואָפענט ווערען. זיי טאָרען אויך ניט נעהמען קיין וואַפען. דאָס מיינט, די נייטראַלע רעגיערונג טאָר זיי ניט לאָזען נעהמען וואַפען אָדער אַ גרויסע פאָרציע קוילען.

שלום אַש

דער וועג צו זיך:

ראָמאַן.

קאַפּיטעל 20.

די פּויערים חתונה.

די כּלה האָט געוואָלט, אַז איהר חתונה פאַר דעם פּויער בויטשאַק זאָל זיין אין דאָרף ביי זיינע עלטערען, און עס זאָל זיין אַן אמת'ע פּויערים־חתונה מיט אַלע פּויערישע צערעמאָניעס און זיטען. צו דעם צוועק איז דער חתן שוין מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער געפאָהרען צו זיך אַהיים אין דאָרף אַריין הינטער קראַקוי צוגרייטען צו דער חתונה — און די כּלה מיט די מחותנים, די שוועסטער'ן, מערי, יאַש און אויך דער „ראַבין", קרעמער, מיט זיין ווייב זיינען געפאָהרען אין דאָרף צו דער חתונה. צו דער התונה פון זיין טאָכטער איז אויך געקומען דער פאַטער ה' בלום פון באַד מאַנהיים, וואו ער איז אַבגעוועזען דורך'ן גאַנצען זומער. די חתונה האָט זיך אָנגעהויבען פון פריה־מאָרגענס אָן. די כּלה אָנגעטהון אין פּויערישע קליידער איז אַרומגעגאַנגען מיט'ן חתן, — מיט בויטשאַק'ן, בעטען די מחותנים און די „דראַשבעס" צו דער חתונה. עס האָט געזאָלט זיין דאָס „דערנעהטערן זיך צום פאָלק" — אויסמישען זיך מיט'ן פאָלק און דעם אַלטען אידעאַל אויפלעבען. „אַז דער איד איז אַ שטאַנד אין פּוילען" — דאָס איז געוועזען דער מיין פון דער אידיש־פּויערישער חתונה. פון איין זייט האָט געפיהרט אונטער דער חופּה זיין טאָכטער — ה' בלום, דער צוקער־פאַבריקאַנט און דער דאַזאר פון דער אידישער שטאָדט — און פון התנ'ס צד האָט געפיהרט זיין זוהן אונטער דער חופּה, דער פּויער סעוואַרין בויטשאַק פון דאָרף דאַרברישין אונטער קראַקוי.

די יונגע בחורים פון דאָרף האָבען די פערד און וועגען געשפּאַנט. אויסגעפּוצט זיינען געוועזען די פערד אין בלומען, איינגעפלאָכטען די גריוועס און די עקען מיט בענדער, און די וועגען בעפּוצט מיט גרינס און מיט בלומען, ווארום עס האָט געזאָלט זיין אַ פּויערישע חתונה מיט'ן גאַנצען בלאַנק, מיט'ן גאַנצען חן פון דעם, ווי „דער אינטעליגענט מישט זיך אויס מיט'ן פאָלק — לעבט אויף פון פאָלק". פון דער שטאָדט זיינען אויך געקומען איינינע אינטעליגענטען, סטודענטען, דאָקטוירים'ליך, סאָציאַליסטען, נאַציאָנאַליסטען, אידען און גוים — אַלעס גלייך, אַלעס אויסגעמישט — אַלע אין איינעם, — „ספּאָלעם" — ווי עס האָט געהייסען אין דער דעמאָלדיגער צייט, אין יענער געגענד, וואו אַזאַ חתונה צווישען פּויערים און אינטעליגענטען איז נישט געוועזען קיין זעלטענהייט. זיינען די „פּרעק" מיט די פּויערישע קליידער, די אידישע סעמיטישע נעזער מיט די פערפלאָכטענע בערד און די טויזענד יאָהריגע דערשראָקענע אויגען מיט די בהמה'דיגע, תמ'עוואַטע אויסגעמישט געוועזען. — אַלעמען האָבען די וועגען געפיהרט אין דער דאָרפס־קירכע, וואָס איז געלעגען אין צווייטען דאָרף. די מיט בענדער בעפּוצטע בייטשען האָבען געקנאַלט, די דראַשקאַרעס האָבען געשאָקעלט און געפּאָכעט מיט זייערע קאָלירטע בעפּוצטע היט. די קרעלען אויף די ברוסטען, די בענדער אין די צעפּ און די פּויערישע פאַרבען פון די קליידער האָבען געשריען און די גליהענדע זונן מיט זיי און אַלעס האָט געשריגען: „נאַ וועסעלאַ! נאַ וועסעלאַ!" און צווישען די דאָרפּישע קינדער איז געזעסען דער איד בלום — אַ פערזאָרגטער — דער גלות האָט גערוהט צווישען די אידעלע פאַלדען פון זיין געזיכט, און די אויגען זיינען געוועזען בעטריבט, און די ווייכע ליפּען האָבען געשמייכעלט צווישען די גראָהע האָר אין דער באָרד אַריין, און זיך אַליין געפרעגט: „וואָס איז דאָס?" צי איז די וועלט נישט משוגע געוואָרען? — און נ'איינעם מיט איהר — אויך ער, און זיינע קינדער — און אַלעס, אַלעס?

די קירכע איז געוועזען אַ קליינע נור אַ הייליגע און אַ פּויערישע. אַלעס אין געוועזען פּראָסט און איינפאַך. דער יעזוס אַ געשניצטער אויס האָלץ, פון אַ פּוירישען שעפּערמעסער, האָט געהאַט אַזאַ פּנים און אַזאַ אויסזעהען, ווי די פּויערים וואָס דאַוונען דאַ דערין. אַלע הייליגע בילדער זיינען גלייך געווען צו די געזיכטער פון די פּויערטעס, און בעהאַנגען איז עס געוועזען מיט גרינע בלעטער, און דער אַלטאַר אַרום בעפּוצט — לכבוד דער חתונה — מיט פּויערישע גערטנער בלומען — געלע גרויסע קווייטען און ווייסע וואַסע ליליען. און די כּלה — איהרע גאָלדענע העלע האָאר ווי אויסגעשטאַנענע זאַנגען אין דער גינגאָלד זון האָבען בעלייגט איהר קאָפּ. —

און אויסגעפּוצט איז איהר קאָפּ געווען מיט אַ קראַנץ פון קליינע בלויע „פערגעס־מיך־נישט“ און פּויערישע מירטען בלעטער. אַ שאָס פון ווייסע וואקסענע קרעלען — ווי אַ קרוין — האָט בעהאָפטען איהר וואואַל צו איהר קאָפּ, ווי עס איז דער מנהג ביי די קאטוילישע פרויען, און געבליהט האָט זי ווי אַ ליעבער זומער־טאָג און גליקליך געווען, געפיהרט פון צוויי יונגע פּויערים שקצים. דער חתן האָט צו דער חופּה געפיהרט די דראשבא „מערי און די אינגערע שוועסטער“. אַ, מערי איז גליקליך געווען — איהר איז אַלעס דאָ געפעלען אין דאָרף, די קאטוילישע צערעמאָניעס, און די פּויערים חתונה, און די יונגע שקצים מיט די בעפּוצטע בענדער, און דאָס געזאַנג. זי איז ווי איבערראַשט געווען און געפיהלט זיך ווי זי וואָלט געווען געחלומ׳ט. די כלה האָט שוין געהאַט אָנגענומען דעם הייליגען סאקראַמענט, (עס הייסט, גע׳שמד׳ט זיך), נאָך נעכטען. היינט איז עס געווען די צערעמאָניע פון דער חופּה, און אַז דער אָרימער פּויערישער אָרגעל האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען, דער כאָר פון די פּויערישע שיקסעלעך האָט אָנגעהויבען צו זינגען, האָט זיך דער גאַנצער עולם אויף די קניען אַראָבגעלאָזט און דער גלח האָט אָנגעהויבען צו זאָגען אַ לאטייניש געבעט.

דאָס אַהיים פאָהרען פון דער חתונה איז נאָך צוגעגאַנגען פרעהליכער, ווי דאָס פאָהרען. די יונגע דראָשבעס האָבען געריטען אויף די פערד און געקלאַפּט מיט זייערע בעמבעליך, ווי עס וואָלט געגאַנגען אַ מיליטער פּאַראַד. — די שיקסעס האָבען הויך געזונגען און דאָס גאַנצע פעלד ארום און דער ליכטיגער טאָג־שיין האָט מיטגעזונגען. חתן־כלה, וועלכע זיינען שוין יעצט אין נ׳איינעם געווען, האָבען זיך געהאַלטען אין איין קושען ווי די אמת׳ע פּויערים — די כלה נאָך שעמעוודיג, דער חתן דרייסטער, האָט גערעדט צו איהר פּויעריש.— און דער אַלטער ה׳ בלום איז געזעסען אויפ׳ן פּויערישען וואגען, אָהן שינעס, צו וואָס ער איז נישט געווען געוואוינט, און אַ טיעפער אונבעוואוסטער טרויער האָט געדריקט זיין נשמה — דער טרויער האָט זיך אַרויסגעוויזען אויפ׳ן פּנים. דער מחותן, דער איז צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט הויך אויפ׳ן קול: „פּאַני מחותן — היינט זיינען מיר משפּחה — עס זיינען שוין נישט דאָ קיין בעזונדערע שטאַנדען אין פּוילען, ווי פּויערים און אידען און שליאַכטשיצעס. אַלע שטאַנדען זיינען גלייך — צי איד, צי פּויער, צי שליאַכטשיץ — אַלע זיינען מיר פּאָליאַקען — און אונזער מוטער די אטשיזנא!“ און צוקושט זיך מיט איהם. די אינטעליגענטען אויס קראקוי האָבען אויפגעכאַפּט דעם פּויערס ווערטער, ווי אַ הייסע פּאטריאָטישע רעדע וואָס דיקטירט דאָס וואַרימע פּאטריאָטישע געפיהל ביי דעם פּויער. דער איד בלום האָט עס אויך געמוזט אויפנעהמען אַזוי און געמוזט ווייזען, אַז ער פיהלט דעם מיין — און „הערצליך“ צוקושט זיך מיט׳ן מחותן.

דער טאָג איז געווען אַ וואַרימער. געזעצט האָט מען די געסט אין גאָרטען אונטער די עפּעל און באַרנען ביימער. די זון האָט געשיינט און ארויסגעוויזען פון דער בעהעלטעניש אויף דער ליכטיגער שיין יעדעם קעפּעל פון אַ בלימעל, פון אַ קוויטעל, וואָס האָט זיך געהאַט פערשטעקט צווישען די גראָזען. עס איז שוין געווען שפּעטליך אין זומער אריין — די תבואות פון די פעלדער געשניטען, געבונדען אין בינטלאַך און געטריקענט זיי אויף דער זון. זיינען די פעלדער בעגאָלדעט געווען אין אַ ליכטיגען אַראַנזשען גלאַנץ פון געלבע אבגעשניטענע זאַנגען און בינטלאַך גערייטעלטע קוניטשינע. אין גאָרטען זיינען געשטאַנען ארום די ווענד — די גרויסע זונען־בלומען, ארום וועלכע עס האָבען זיך גערויעט ביהנען און אָנגעמאַכט אַ רעש מיט זייער זשומען. די גרויסע געלבע זונען־בלומען האָבען זייער אַראַנזשען פאַרב געגליהט אין דער זון. פון הינטערן שוואַרצען סטאַוו האָט זיך ארויסגעוויזען דער געקרוינטער בעוואַקסענער וואַלד, וואָס איז געלעגען משופּע — און פון דער חתונה, וועלכע איז פאָרגעקומען אויף דעם „פלעטצעל“, פאַר דעם גרויסען איינפאָהר הויז, האָט דאָס אויסגעזעהען ווי אַ ים אין גרינס. און צווישען דעם גרינעם טונקעלען און גאָלד־געגליהטען שיין האָבען זיך אויסגעשאַטען די חתונה געסט. די רויטע צוהיצטע געזיכטער פון יונגע בלומענדיגע מיידליך זיינען אָנגעצונדען אין פאַרבען פון רויטע בענדער און פערשיעדענע קאָלירטע קרעלען; זיי ווערען געיאָגט פון יונגע בחורים — שקצים, וואָס זיינען שטאַרק ווי די יונגע ביימער, וואָס האָבען אין זיך די זאַפט פון דער ערד.

די מוזיק שפּיעלט — גרימפּעלט אַ פּויערישען פּוילישען נגון — אַ פּוילישע מוזיק — בעגלייט מיט דעם איד, דעם שענקערס פּידעל שפּיעלען. דער חסידישער פרום־שבת׳דיגער ניגון פון איד׳ס פּידעל רייסט זיך ארויס פון דעם פּויערישען בים־באָם פון באַס—נור עס שפּיעלט. עס שפּיעלט, נישט בלויז פון דער פּידעל, פון דער פּויערים־מוזיק, נור פון די פעלדער, פון דעם קיהלען גרינעם וואַלד און די צוהיצטע האָניג־בלומען, ארום וועלכע די ביהנען בעהעפטען זיך און מעהרען זיך. און פון די יונגע פּויערישע מיידלעך און פון די בחורים. און אַלעס שפּיעלט און זינגט און איז שכור — מעהר פון גליק און יוגענד און אייגענער נאַטירליכע פרייד — איידער פון דעם בראַנפען און מעד, וואָס גיסען זיך ארום די טישען אונטער די ביימער. זיי פרעסען דאָס

פעטע חזיר, דאָס חזיר־שמאַלץ רינט זיי איבער די פעטע מיילער און די יונגע שקצים לויפען נאָך די יונגע שיקסעס אין פייכטען בוש אריין — אין פערוואקסענעם וואַלד און סודות'דיגען גרינס ארום דעם סטאוו, און קושען זיך מיט די פעטע מיילער און מעהרען זיך און זשומען ווי די ביהנען ארום די האָניג־בלומען.

און אין דעם חתונה־רעש דרעהט זיך דער ה' בלום, דער טרויעריגער איד, דער דאזאר פון דער גרויסער שוהל אין זיין שטאָדט. — פיער דורות האָבען אויף זיין פערמעגענס געארבייט און דערהאַלטען די פירמע. די משפחה זיך משדך געווען מיט די שעהנסטע מענשען אין דער געגענד. אַז עס איז אַ חתונה געווען ביי זיי אין דער משפחה, איז עס געווען — אַ פאַמיליען־צוזאַמענפאָהר — די פאָרנעהמע געסט האָבען דייטש גערעדט, איז דאָך דייטש אַ קולטורעלע שפּראַך. — האָט מען זיי מוחל געווען. אַלע האָבען דעם אַלטען גרויספאטער, וואָס איז געווען אויף אַלע חתונות — די האַנד געקושט. טראַדיציאָן אַ גרויסע זאַך — אין די „סינאַגאָגע“ געגאַנגען. דער חזן האָט שעהן געזונגען. דער ראַבינער האָט געפּרעדיגט . . . און ווי האָט זיין קינד חתונה ? און וואָס טהוט ער דאָ ? צווישען פויערישע שיקסעס און שמוציגע שקצים, פון וועלכע מען שפּירט פערד אין שטאַל געשטאַנק. דאָס גיט ער אויס אַ טאָכטער זיינע — פאַר אַזאַ שגץ, פאַר אַזוינס אַ פערד'ס מענש.

און ווי ה' בלום געהט אַזוי ארום אַ פרעמדער צווישען די גערטנער, בעמערקט ער קרעמער'ן, ווי ער שטעהט אין אַ זייט, קוקט זיך צו צום טאַנץ פון די שקצים מיט שיקסעס און שמייכעלט פון די ברילען אַרויס. ה' בלום האָט געהערט פון איהם — ער ווייסט, אַז ער איז גאָר אַנדערש פון זיינע קינדער. געהט ער צו צו איהם, גיט איהם די האַנד און זאָגט מיט אַ קרעכץ :

— עס איז זעהר גוט, וואָס איהר טהוט, פאַני קרעמער, מען האָט מיר געזאָגט דערפון. איהר גיט אַוועק אייער ארבייט די אידישע ארבייטער. — דאָס איז גוט, טראַדיציאָן איז אַ גרויסע זאַך.

קרעמער עפענט אויף אַ פּאָאָר גרויסע אויגען און קוקט איהם אָן.

— אָבער איך פערשטעה אייך נישט . . .

— נישט ? — פערכאַפּט זיך ה' בלום — מען האָט מיר געזאָגט, זי אַרבייטען צווישען אידישע ארבייטער — דאָס איז גוט. זעהען זי, מיינע קינדער קענען גאָר קיין אידיש נישט, אַרבייטען זיי צווישען קריסטען, האָבען חתונה מיט פויערים. (ער קוקט זיך אַרום אויב קיינער הערט נישט) איך ווערדע איהנען זאגען, ה' קרעמער — געהט ער איבער פון פוילישען צום דייטשען — זעהן זי, איך בין אויך אַ פרייער מענש און רעליגיאָן שפּיעלט ביי מיר קיינע גרויסע ראָלע, אויך בין איך אַן איבערגעבענער פאַטריאָט צו מיינעם פאַטערלאַנד — פוילען, אָבער צוליעב דעם אַלעם דאַרף מען דאָך נישט חתונה האָבען מיט פויערים. יאָ, איד, נישט איד, אָבער ווי קומט ער אַ פויער דערצו ?

— וואָס איז אַ חילוק אַ פויער אָדער אַנאַנדער גוי ? — מיט אַנאַנדערן גוי, מיט אַ שלאַכטשיץ מעג זי יא חתונה האָבען, מיט אַ פויער נישט — וואָס איז דער חילוק ?

— איך מיין נישט דאָס — אַ שליאַכטשיץ איז נאָך פערשטענדליך, אָבער אַ פויער ? איבריגענס וועל איך איהנען זאגען, איך וויים נישט אויב אויך אַ שליאַכטשיץ . . . איך האַלט פון טראַדיציאָן — טראַדיציאָן איז אַ גרויסע זאַך, ווי זאגען זיי ?

— אַז איהר טאָכטער האָט זיך פערליעבט אין אַ פויער און אז ער געפעלט איהר, וואָס אַרט עס אייך ?

— וואס זאגען זי ? מען האָט דאָך מיר געזאגט, דאס איהר זענט פרום און ארבייט צווישען אידען.

— אבער אין געגענטייל, ה' בלום, מיר גלויבען אין דעם, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען צווישען אַ אידישען בחור אן אַרבייטער און אַ פויערישער ארבייטאָרין פון דאָרף וועט נישט שטעהן אין וועג קיין רעליגיאָן, קיינע נאַציאָנאַלע אונטערשיידען. און זיי וועט פערבינדען נישט די קירכע, נור דער גרויסער הימעל איבער'ן קאָפּ און די הייליגע ליעבע פון זייער האַרץ.

— זענט איהר דאָך אויך ווי זיי ? אין דאָך ביי איהנען טראדיציאָן אויך גאָר נישט ?

שאָקעלט מיט די הענד ה' בלום — און פערלאָזט איהם.

נאָך איינע האָט זיך ארומגעדרעהט אויף דער חתונה, ווי אויף אַנאַנדער וועלט, און דאָס איז געווען מערי. זי האָט געהערט ארום זיך פרייד און געהאַט אויך די פרייד אין זיך. און ווי האָט זי זיי מקנא געווען די שיקסעס פון דאָרף, ווי וואָלט זי געוואָלט זיך לאָזען יאגען פון אַ בחור אַ שגץ און זיך לאָזען כאַפּען אין זיינע ארימס. עס האָט געגליהט אין איהר, דאָס לעבען און דער ווילען, און דאָס בענקעניש אין איינעם מיט די שיקסעס זיך צו פרעהען. זי האָט געטרונקען בראַנפּען ווי זיי, און געקושט זיך מיט די שיקסעס, און געטאַנצט מיט די בחורים ביז צו מיעדקייט. זי האָט געפיהלט די גראָבע אויסגעארבייטע הענד אויף איהר דינע, ציטערנדיגע טאַליע, און עס איז איהר גוט געווען. וואָס ערגער די רויהע שקצים האָבען צוגעדריקט איהר טאַליע צו זיך, וואס ווארימער זיי האָבען זי בעהויכט מיט זייער בהמה'שען געזונדען אטעם, דאָס בעסער זי האָט זיך געפיהלט. זי האָט זיך געוואָלט פערגעסען און אריינלעבען זיך

אין דעם דאזיגען לעבען און אנגעהמען זיינע פארמען.

די כלה האט זי צוגעפיהרט צו איהר'ס א שוואגער, א אינגערן ברודער פון חתן — א שעמעוודיגער אכצעהן־יעהריגער שגיץ מיט בלאנדע האאר ווי זונען־זאנגען, מיט א פאאר גרויסע בלויע קאטצען־אויגען—און געגעבען איהר פאר א דרושבע. דער שגיץ האט זיך געשעמט—געווען נישט דרייסט — און מערי האט איהם געפיהרט, ארומגענומען און געשפיעלט זיך מיט איהם, ווי מיט א ליאלקע, בעקושט זיינע ליפען, און דער שגיץ האט געשמייכעלט - ביז ענדליך איז ער אויך דרייסט געווארען, אנגעכאפט זי ביים ארם און געזאגט : קום, דראשבע.

און הינטער זיך האט זי שטענדיג געהאט יאש'ס אויגען — דער יונג איז בלייך געווען, און דאס פנים האט אויסגעזעהען, ווי עס וואלט גרייט געווען אויף אלעמען. — ער האט געמערקט, ווי דאס בלוט קאכט אין איהר און ווי זי טאנצט מיט די שקצים—קושט זיך מיט זיי — נישט צום שפיעלען נור ליידענשאפטליך און זי עסט זיך איין אין די שטארקע שקצים'דיגע לייבער ביים טאנצען. ער האט געזעהען, ווי זי צורייצט די נערוועו פון די שקצים, — זיי ווערען משוגע פון איהר — און ער איז ווילד געווארען. האט אויסגעזעהען, ווי ער וואלט יעדען אויגענבליק גרייט געווען צו ווארפען זיך אויף איהר און זי צו שלאגען. אזוי בלייך איז זיין געזיכט געווען. די אויגען אויפגעריסען און די נאז־לעכער האבען געשלאגען פון זיך א פארע. און עס האט אויסגעזעהען, ווי מערי וואלט נאך מעהר געוואלט צורייצען איהם · און זי לויפט פון צייט צו צייט מיט אגאנדער'ן שגיץ אריין אין א פערוואקסענעם בוש, אדער לויפט צו — צום יונגען, בעוואקסענעם וואלד וואס איז אויפ'ן ברעג סטאוו. דרעפטשעט ער נאך איהר, בעגלייט ער זי מיט זיינע בליקען.

דערווייל ווערט טונקעל — ווארים, גליהענד, ליידענשאפטליך בעגיסט די זון דעם הימעל אין א ברענענדען אראנזשען פלאם — וואס גיסט זיך ארויס ווי א קאכעדיגער ים פון דעם טונקעלען גרינעם וואלד. די פעלדער ווערען בעגאסען מיט דעם ליכט פון דעם הימעל, און די נאכט הויבט זיך אן צו בעהאלטען צווישען די בעוואקסענע ביימער.

און די מוזיק שפיעלט, דער בים־באם קלאפט און דער באס גרימפעלט צו — און דער טאנץ האלט אן, אהן אויפהער, ביז די גאנצע זון ווערט פערלאשען אונטער'ן וואלד. די נאכט איז טונקעל, נור בעזעעט מיט שטערן, די שקצים הויבען אן אנצוצינדען שטולקאצען, ליכטער ברענען אין די פענסטער, לאמטערן, — און די נאכט איז ווארים און לייגט זיך אויף דר'ערד, ווי א שווארצע לייכטע שמעקענדע דעקע וואלט אלעמען צוגעדעקט און פערהוילען פון הימעל, און קיינער זעהט נישט און ווייסט נישט וואס אנדערע טהון. זי דעקט אלעס צו, זי איז די מוטער — דער ים, אין וועלכען עס ווערען פערטריעבען אונזערע סודות.

און מיט דער נאכט קומט די ליידענשאפט. דער מעד קאכט דאס בלוט אויף, און דער טאנץ מאכט די גליעדער לייכטער, און דער באס און דעם אידענס שבת געזאנג אויף דער פיעדעל ציהט די נשמות ארויס. צווישען די ביימער שיינען די ליכטלעך ארויס, און וואו די ליכטלעך ברענען, דרעהען זיך אין שאטען רעדלעך ארום און טאנצען — א פויערטע, א איד, א פראק, א חאלאט. און די יוגענד אנטלויפט אין גרינס; צווישען די בעוואקסענע דערנער, אין די פייכטע בושען האלטען זיי זיך אויף. עס רייסט זיך פון דארט פון צייט צו צייט צווישען דעם גרינס געשרייען ארויס, ווי א ליעד פון ליעבע, און באלד ווערט שטיל . . . טיילמאל פלאמט אויף פון א בעהאלטענעם טונקעלען ווינקעל א ליכט, — און ווערט באלד פערשוואונדען . . . א סימן מענשען זיינען דארט . . . און אין טיעפען סטאוו, בעהאלטען צווישען גראז — באדען זיך יעצט די וואסער דאמען און זייערע נאקעטע לייבער ווערען בעגאסען מיט שטערן ליכט. — און עס הערט זיך פון דארט א געזאנג אויפגעהן, און עס ווערט פערשוויגען . . . .

ווי א משוגענער דרעהט זיך יאש ארום און זוכט צווישען די נאסע גרעזער און טונקעלע בעהאלטענע פערוואקסענע ערטער. ער געפינט א פויעריש מיידעל ווארטענדיג אין אנגסט און שרעק מיט תאוה־לייד אויף איהר חתן. זי שרייט לייכט אויף און ווארפט זיך יאש'ן אין ארים אריין, און מיט עקעל ווארפט זי יאש פון זיך אב, און זוכט ווייטער צווישען די קשאקעס. זיין בעגעהרטע מערין זוכט ער. ער קריכט אריין אין ראוו צווישען דעם סאד און פעלד. פון דער ווייטענס ליגט עפעס — ער לויפט צו — אין דעם גלאנץ פון די שטערען ערקענט ער איהר שווארצען קאפ האר, זי האלט אויף איהרע קניען דעם בלאנדען שגיץ — דעם חתן'ס ברודער — און קושט זיין מויל. ווי א ווילד טיער שפרינגט ער צו צו איהר, ווארפט זיך אויפ'ן שגיץ, און פאטשט איהם אויס ווי א אינגעל, — דער שגיץ ווייסט נישט פארוואס, — שרייט אויף און אנטלויפט. ער קוקט אן די גלייכגילטיגע מערי, זי לאזט נישט דעם קאפ אראב — ווערט נישט פערשעמט, — קוקט אויף די שטערן און בייסט זיך די ליפען.

דער יונג האט זי ביי דער האנד אנגעכאפט און געשלעפט אין די פייכטע גרעזער אריין.

צומארגענס זיינען זיי שוין איינס מיט צווייטען אויך דא געווען. און אלע האבען געוואוסט, אז זיי זיינען חתן־כלה.

(ענדע פון ערשטען טהייל).

דר. מ. גאָלדפאַרב

זשאָרעס אַלס דענקער

ווען עס שטאַרבט אַ רייכער מאַן, לויפען זיך געשווינד צונויף זיינע קינדער, אייניקלעך, ברידער, שוועסטער, גלאַט קרובים — אַללע ווילען אָפּלעקען אַ ביין פון דער ירושה. דאָס לויפעניש פון די יורשים האָט אַ מאָל אין פינסטערע פאַרבען בעשריבען דער רוסישער דראַמאַטורג ל. אַנדרעיעוו אין זיין ווערק „דאָס לעבען פון'ם מענשען“. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאָמענט מאַכט קלאָהר און דייטליך, ווי פּרוכטלאָז איז דאס מענשענס לעבען, ווי קליין און מיאוס איז זיין טויט. און ער איז געוויס גערעכט געוועזן, אויף וויפיעל ער רעדט וועגען די נגידים, וואָס לאָזען איבער בלויז גאָלד און זילבער. ס'זיינען דאָ אויך אַנדערע „נגידים“, וואָס שאַפען גייסטיגע אוצרות. און נאָך זייער טויט לויפען זיך אויך צוזאַמען פערשיעדענע יורשים. דאָס זיינען גייסטיגע קרובים, מיטקעמפּפער, תלמידים און פערעהרער פון דעם געשטאָרבענעם. דאָס יאָגעניש און לויפעניש נאָך דער גייסטיגער ירושה ווייזט אָבער די שעהנהייט און גרויסקייט פון'ם לעבען, וואָס איז בכוח צו בעזיעגען דעם פיזישען טוידט.

אזא ירושה האָט אונז אויך געלאָזען זשאַן זשאָרעס. און דער מערדער, וואָס האָט מיט צוויי קוילען דורכגעלעכערט זיין געניאלען מוח און אָבגעשטעלט דאָס זודיגע בלוט אין זיינע אָדערן, האָט בשום אופן ניט געקענט הרג'ענען דאָס גרויסע ווערק פון זיין פרייען געדאַנק און נאָבעלען געפיהל.

גרויס און פערשיעדענאַרטיג איז דאָס לעבענסווערק פון זשאַן זשאָרעס. עס איז פערנאַנדערגעוואָרפען אין אַ גרויסע רייהע גלענצענדע רעדעס און ארטיקלען, ביכער און בראָשיורען. דאָס וועט זיין אַ העכסט שווערע ארבייט אַלעס צונויפנעהמען כדי אַן אלגעמיינער סך הכל זאָל ווערען מעגליך. מיר ווערען זיך דאָ בלויז אָפּשטעלען אויף איין טהייל פון דעם גרויסען אוצר וואָס ער האָט בעשאַפען. מיר מיינען „די געשיכטע פון פראַנקרייך פון 1789 ביז 1900“.

דאָס איז אַ קאָללעקטיווע ארבייט פון אַ גאַנצע רייהע פראָמינענטע פראַנצויזישע סאָציאַליסטען, אַן ארבייט וואָס פערנעהמט 12 גרויסע בענדער. עס הויבט זיך אָן מיט דער גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן (1789) און פערענדיגט זיך מיט דעם פינפטען צוזאַמענפאָהר פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פאַריז (1900).

זשאָרעס איז געוועזן דער רעדאַקטאָר פון דער גרויסער אַרבייט. ער האָט זיך אָבער ניט בענוגענט מיט דעם, וואָס ער האָט מיט געהאָלפען זיינע מיטארבייטער. אַ גרויסען טהייל פון דער אַרבייט האָט ער אַליין געטהאָן. ער אַליין האָט געשריעבען „די גרינדונגס פערזאַמלונג“ (1טער באַנד), „די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג“ (2טער), דער קאָנווענט (3טער און 4טער באַנד). דאָס זיינען אייגענטליך די דריי הויפּט עפּאָכען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אַ חוץ דעם האָט ער נאָך אָנגעשריעבען „די מלחמה צווישען פראַנקרייך און דייטשלאַנד“ (ערשטע העלפט פון דעם 11טען באַנד) און ער האָט געשלאָסען די גאַנצע ארבייט מיט אַ קורצען, נור אַ גלענצענדען ארטיקל „דער סך הכול פון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט“. מיר ווילען זיך דאָ אָבשטעלען הויפּטזעכליך אויף די ערשטע פיער בענדער, ווייל דאָרט זעהען מיר זשאָרעס'ן אין זיין גאַנצער גרויסקייט, אַלס דענקער, אַלס פּאָליטיקער, אַלס שרייבער און אפילו אַלס ר ע ד נ ע ר.

* * *

„מיר האָבען, — ערקלערט זשאָרעס, — די לאַנגע געשיכטע געשריבען אין רעכטען מיטען פון קאַמפּף, — דעם קאַמפּף געגען די פיינד פון סאָציאַליזם, פון דער רעפּובליק און פון דער דעמאָקראַטיע, און אויך אין רעכטען מיטען פון דעם קאַמפּף צווישען די סאָציאַליסטען גופא“ — און ניט קוקענדיג אויף דעם האָט ער אונז געגעבען אַ היסטאָרישע מייסטערווערק. דאָס איז אַ געלונגענע פּראָבע צו ערקלעהרען פון'ם סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט ניט בלויז די גרויסע עפּאָכען פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, נור אויך די איינצעלהייטען פון די גרויסע געשעהענישען.

יע, זיין ווערק איז אַ גרויסער בייטראַג צו

דער היסטאָרישער ליטעראַטור איבער דער
פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן און דערצו איז עס
דורכגעדרונגען פונ'ם אנפאנג ביז'ן סוף מיט
דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק. מיר זאָגען דאָס
אבסאָלוט זיכער, האָטש מיר ווייסען, אז וואָלט
זיין ווערק איבערגעזעצט געוואָרען אין אידיש,
וואָלט דער דורכשניטליכער אידישער סאָציא־
ליסט ניט מסכים געווען, אז מיר האָבען פאר
זיך א וויסענשאפטליכע מארקסיסטישע ארבייט.
ער וואָלט ניט מסכים געווען איבער דער זעלבער
אורזאכע, איבער וועלכע פיעלע דייטשע סאָצי־
אַליסטען וועלען ניט אנערקענען די גרויסע
ווערט פון זשאָרעס'ס ווערק. מיר פערגעסען
אָפט, אז „יעדע געזעלשאפט לעבט אין איהר
בעשטימטער היסטאָרישער סביבה, וועלכע קען
זיין — און זי איז זעהר עהנליך צו דער היסטאָ־
רישער סביבה, וואָס רינגעלט ארום אנדערע
פעלקער. זי קען אָבער ניט זיין און איז ניט
גלייך מיט איהר" (פּלעחאנאָף). זשאָרעס איז א
קינד פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט. ער
האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דעם וויגעלע פון
די גרויסארטיגע רעוואָלוציאָנען. דאָרט האָט
ער בעקומען זיין גייסטיגע יניקה. זיין סטיל,
זיין ארט פון דענקען און פיהלען טראָגען אויף
זיך דעם שטעמפּעל פונ'ם פראנצויזישען גייסט
און ער אונטערשיידעט זיך פון דעם דייטשען
סאָציאַליסטישען היסטאָריקער פראַנץ מערינג
פונקט אזוי פיעל, ווי די פראנצויזישע סאָצי־
אַליסטישע פּארטיי אונטערשיידעט זיך פון דער
דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. פראנץ מע־
רינג האָט ניט געקענט אָבשאַצען זשאָרעס גע־
שיכטע, ווייל צו א גרויס פּלאַץ פערנעהמען אין
איהר שטימונגען און געפיהלען. זשאָרעס
ווידער האָט ניט געקענט אנערקענען די מאכט
פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, ווייל
זי האָט איהם געשיינט צו זיין צו געלאַסען.
„אלעס האָט מען אייך געשענקט, — האָט ער
זיך מיט וועהטאָג געווענדעט צו אויגוסט
בעבעל, — די פרייהייטען האָט אייך ביסמארק
געגעבען, און דערפאר האָט איהר ניט קיין רע־
וואָלוציאָנערע טראדיציע."

זשאָרעס טראָגט אריין זיין פייערדיגען
טעמפעראַמענט ניט בלויז אין זיינע רעדען,
נור אויך אין זיינע וויסענשאפטליכע ווערק.
ער בעקעמפפט זיינע געגנער וואָס זיינען שוין
מיט הונדערט יאָהר צוריק געשטאָרבען, מיט
דער זעלבער ליידענשאפט, מיט וועלכער ער
טרעט ארויס געגען זיינע לעבעדיגע פיינד, וואָס
שטעהען אין וועג פון דעם סאָציאַליסטישען
נצחון. ער ווערט שטארק בעגייסטערט פון א
סטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין... 1539
יאהר. ער שטעלט זיך אָב אין מיטען פון זיין
היסטאָרישער פאָרשונג אום א גוט וואָרט צו
זאָגען וועגען דעם ערשטען „אויסדרוק פון לייד־
דען און קאמפף."

נאָך א זאַך. זשאָרעס פערשטעהט גאַנץ
גוט, אז „די קראפט פון זאכען איז שטארקער
פון דער קראפט פון גייסט". ניט שטענדיג אָבער
וויל ער זיך אונטערוואַרפען דער קראַפט פון
זאכען. דער געוועהנליכער מארקסיסט פונ'ם
דייטשען חדר טענה'ט אזוי: „ווי באַלד איך
האָב פערשטאַנען דעם נויטהיגען וועג פון דער
היסטאָרישער ענטוויקלונג קען איך פריי אר־
בייטען אין דער זעלבער ריכטונג", און די נויט־
ווענדיגקייט עפענט פאר איהם א פרייע פעלד.
נאָכמעהר, ער בעקומט א זיכערקייט אין זיין
נצחון, ווייל ער געהט אין דער ריכטונג פון דער
היסטאָרישער ענטוויקלונג. זשאָרעס איז
אָבער ניט שטענדיג צופריעדען מיט דער נויט־
ווענדיגקייט. ער אונטערוואַרפט זיך, נור דער־
ביי פּראָטעסטירט ער, אָפט ביטער און מיט גאַל.
און פון די בלעטער פון זיין געשיכטע שטייגט
ארויס פאר אונז זעהר אָפט זיין שעהנער און
שטאַרקער גייסט.

ער ברענגט, צום ביישפּיעל, א שעהנע
רעדע פון מיראבאָ'ן. מיראבאָ ווענדעט זיך צו
דער גרינדונגס־פערזאמלונג בזה הלשון: „ווי
שעהן וואָלט געווען פיר פראַנקרייך, אז פאר
דער גרויסער רעוואָלוציאָן זאָלען מיר ניט
צאָהלען ניט מיט פערברעכען און ניט מיט
טרערען . . . צו אָפט קומען ארויס פאר אונז
אין דער געשיכטע טהאַטען פון ווילדע חיות,
און זעהר זעלטען קענען מיר אונטערשיידען
העלדען. זאָל אונז זיין ערלויבט צו האָפען, אז
מיר וועלען אָנהייבען די געשיכטע פון
מענשען". מיראבאָ האָט געוואָלט, אז די
רעוואָלוציע זאָל אויסמיידען בלוט פערגיסונ־
גען. זשאָרעס ווייסט — ער דערוויזט עס
גרינדליך, — אז דאָס איז אונמעגליך. ער דער־
ווייזט אונז, אז דער בירגער־קריעג איז געווען
אונפערמיידליך. ער ווייסט אפילו קלאָהר, אז
דער שרעקליכער טעראָר אין דער צייט פון
דער רעוואָלוציאָן איז געווען א נויטהיגער רינג
אין דער קייט פון דער בעפרייאונגס בעוועגונג.
און דאָך איבערגעבענדיג מיראבאָ'ס ווערטער,
רופט ער אויס: „ס'איז גאָר ניטאָ קיין שעהנע־
רע רייד. איך וויל אז דיעזער גרויסער רוף פון
מענשליכקייט זאָל אויך אָבהילכען פאר דער
קומענדער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָן".

בעת זשאָרעס קומט צו דעם מאָמענט, ווען
„דער טעראָר ווערט געשטעלט אויף דער טאָ־
געסאָרדנונג", פיהלט דער לעזער, ווי א טיע־
פער טרויער האַפּט איהם ארום און בעהערשט
איהם. זשאָרעס קען די ווערטער ניט שרייבען
אזוי, ווי ער שרייבט אלע איבעריגע ווערטער!
„א פרייהייט, וויפיעל קרבנות זיינען אין דיין
נאָמען געבראַכט געוואָרען" חזרט ער איבער
נאָך מאַדאַם ראָלאַנד, וועלכער האָט מוטהיג
איהר קאָפּ אויף דער גיליאָטינע אָוועקגעלייגט.
ער קען אויך ניט ליידען, ווען א רעדנער רעדט

נאַרישקייטען. ער רייסט איהם איבער און מאַכט דערבײַ זײַנע קריטישע בעמערקונגען. בעגעגענט ער ווידער אַ טיעפען געדאַנק, אונטערשטרייכט ער עס גלייך און לויבט עס. און דאַן זעהען מיר אָפט אין זשאָרעס'ן דעם טריבון; בעת ער שרייבט זײַן היסטאָריע, ענטפערט ער גלייך די געגנער מיט גאַנצע און פּראַכטפאָלע רעדען. אונז שיינט אָבער, אַז די אייגענשאַפטען מאַכען זײַן ווערק ווירקליך לעבעדיג מיט שעהנע און רייכע פאַרבען. מיר וועלען ווייטער זעהן, אַז דאָס שטערט בשום אופן ניט דעם וויסענשאַפטליכען אינהאַלט פון זײַן ארבייט.

* * *

פיעלע גרויסע ווערק זיינען פאַראַן וועגען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אַ גאַנצע רייהע פראַנצויזישע היסטאָריקער האָבען זייער גאַנצען לעבען אװעקגעגעבען אויסצופאָרשען די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָן. ס'איז אויך פאַראַן אין פראַנקרייך אַ ספּעציעלע וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפט, וואָס באַשעפטיגט זיך מיט דעם. און ניט נור אין פראַנקרייך. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן איז דאָך געווען אַ וועלט רעוואָלוציאָן אין פולען זין פון דעם וואָרט. מען קען זאָגען אַז די בעפרייאונגס בעוועגונג פונ'ם פאָריגען יאהרהונדערט אין גאַנץ אייראָפּא — אויסער ענגלאַנד — איז צונויפגעבונדען געוואָרען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. זאָגאר די גרויסע אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן, וועלכע כאָטש איז פאָרגעקומען פריהער ווי די פראַנצויזישע, האָט זיך דאָך הויפּטזעכליך געשפּייזט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער פילאָזאָפיע פונ'ם 18טען יאהרהונדערט. אונטער די אומשטענדען וואָלט זיך געדאַכט, אַז זשאָרעס האָט געהאַט פאַר זיך אַ לייכטע ארבייט — אויסנוצען די מאַטעריאַלען, וואָס זיינען שוין בעאַרבייט געוואָרען און בלויז געבען זיי אַ נייע בעלייכטונג — אַ סאָציאַליסטישע. אין אמת'ן האָט ער זיך אָבער מיט דער לייכטער געלעגענהייט ניט בענוצט. בלעטערט איבער די גרויסע פיער בענדער — איין ערך פון אַריבער 3000 גרויסע זייטען — און איהר וועט זעהען אַז איהר האָט פאַר זיך אַ **זעלבסטשטענדיגע** ארבייט, וואָס איז דורכגעפיהרט כמעט אויסשליסליך אויף דעם גרונד פון די ערשטע קוועלען. מיט מאַטעריאַלען פון דער „צווייטער האַנד" בענוצט ער זיך בלויז ווען ער רעדט וועגען איינעגע ארבייטער קעמפּפע, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער גאַנץ ווייטער פערגאַנגענהייט. ער דערמאָהנט געוויס גאַנץ אָפט די אַנדערע היסטאָריקער און גלעהרטע, וואָס האָבען די פראַגע בעהאַנדעלט, נור הויפּטזעכליך כדי געגענשטעלען זיי זײַן שטאַנדפּונקט. ער ווייזט מיט טיעפער צופריעדענהייט אָן, ווי מאַרקס און לאַסאַל האָבען ריכטיג פערשטאַנען די אונפערמיידליכקייט פון דער מלחמה צווישען פראַנקרייך און דייטשלאַנד (אין 1870 יאהר). ער שטיצט זיך אויף פלעחאַנאָוו'ן צו דערווייזען, אַז די כלמרשטע סאָציאַליסטען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האָבען בלויז געקעמפּפט געגען פעאָדאַלען אייגענטהום, אָבער ניט געגען אייגענטהום בכלל. ער ציטירט קאַאוטסקי'ן און וואַנדערוועלדען אום קלאָהר צו מאַכען דעם געדאַנק וועגען סאָציאַליזם א. ז. וו., אָבער אין אַלגעמיין האָבען מיר פאַר זיך אַ גרויסע זעלבסטשטענדיגע ארבייט.

אין דער געשיכטע פון דער גרינדונגס פערזאַמלונג געפינען מיר אַ ספּעציעלען קאַפּיטעל אונטער דעם קעפּעל: „די וואַהלען און די העפטען". דאָס זיינען געווען די ביכלעך — געשריבענע געוויס, — אין וועלכע די וועהלער, דאָס פאָלק האָט אָנגעזאָגט די אויסגעוועהלטע, וואָס זיי דאַרפען פאָדערען. (אין רוסלאַנד זיינען אַזוינע העפטען — „נאַקאַזען" געשיקט געוואָרען צו די ערשטע דומעס). זשאָרעס האָט אויסגעפאָרשט די העפטען און דער אַרטיקעל גיט אונז אַ פאָלקאָמען בילד פונ'ם צושטאַנד פון די מוחות צו יענער צייט. אַ רייכען מאַטעריאַל גיט דאס קאַפּיטעל פאַר דער סאָציאַלער וויסענשאַפט בכלל און פאַר דעם סאָציאַליזם בפרט. מיר וועלען זיך דאָ בעגניגען דערמיט, וואָס מיר וועלען אָנווייזען אויף פאָלגענדעס:

ווי בעוואוסט, ווערט „די דעקלאַראַציע פון די רעכט פון דעם מענשען" בעטראַכט אַלס דער הויפּט אויפטהו פון דער גרינדונגס פערזאַמלונג (אין דער דעקלאַראַציע געפינען מיר כמעט די זעלבע פּונקטען, ווי אין דער אמעריקאַנער „דעקלאַריישאָן אָף אינדעפּענדענס"). די העפטען ווייזען אָבער, אַז אַלע פאָדערונגען, וואָס זיינען פאָרמולירט אין דער דעקלאַראַציע, זיינען אייגענטליך דער אויסדרוק פון דעם קאָללעקטיווען ווילען פון דעם פאָלק. נאָכמעהר, מיר זעהען, אַז די פערשיעדענע פאָדערונגען, וואָס מען פלעגט ארויסשטעלען אין פערשיעדענע געגענדען, זיינען געווען דורכאויס אין פולער האַרמאָניע מיט דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון דעם געגענד. אויך אין דעם קאַפּיטעל: „די אורזאַכען פון דער רעוואָלוציאָן" מאַכט זשאָרעס וואונדערבאַר קלאָהר און בולט ווי אַזוי די עקאָנאָמישע אומשטענדען פון אַלטען פראַנקרייך האָבען נויטהיג געמאַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. און זיין סאָציאַליסטישער שלום איז ווירקליך אַ געדאַנק וואָס שטיצט זיך דורכאויס אויף פאַקטען און בעלויכט זיי:

„אין פּאַריז, ווי איבעראַל, איז דאָ בורזשואַזיע געווען די פיהרערין און די טאָנגעבערין פון דער בעוועגונג. דער דריטער שטאַנד־

(אזוי האָט מען די בורזשואזיע גערופען אין
פראַנקרייך צו יענער צייט און טהיילווייז נאָך
עד היום), ניט קוקענדיג אויף די פערשיעדענע
עלעמענטען וואָס שטעלען איהם צונויף, ביל-
דעט בלויז איין קלאַס. ווען די טעמפּעראַטור
פון דער רעוואָלוציאָן וועט שטייגען, וועט זי
די פערשיעדענע עלעמענטען פערנאַנדערבינ-
דען. דערווייל איז דאָס איין קלאַס, איין דריט-
טער שטאַנד, דאָס איז אַ צונויפגעבונ-
דענע קראַפט פון קאַפּיטאַליסטען, פויערים
און אַרבייטער... און פון דיעזער
איינהייט שעפּט די בורזשו-
אַזיע דעם צוטרוי צו זיך
זעלבסט."

מיר האָבען די לעצטע ווערטער אונטער-
געשטריכען. כדי מיר זאָלען זיי בעסער פער-
שטעהן איז כדאי צו דערמאהנען זיך פאָלגענ-
דע ווערטער פון קארל מארקס: „קיין קלאַס
קען ניט שפּיעלען קיין רעוואָלוציאָנערע ראָלע
אויב ער רופט ניט אַרויס באַטש אויף אַ צייט
קיין ענטוזיאַזם אין דער מאַסע." אין אנפאַנג
איז ווירקליך דער ענטוזיאַזם געווען און
זשאָרעס ווייזט אונז, ווי די טעמפּעראַטור איז
ביסלעכווייז געשטיעגען און „די פערשיעדענע
עלעמענטען האָבען זיך פערנאַנדערגעבונדען".
די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וואָס האָט פון
אָנפאַנג געהאַט אַ בעשטימטע אויפגאַבע צו
מאַכען די בורזשואזיע פאַר דעם בעל הבית,
האָט געגעבען אַ שטאַרקען אנשטויס דעם אַר-
בייטער קלאַס און אין שטורם פון דער בורזשו-
אַזער רעוואָלוציאָן איז שוין אמת אין אַן אונבע-
שטימטער פאָרם געבוירען געוואָרען דער גע-
דאַנק פון דער אַרבייטער רעוואָלוציאָן. דאַן
האָט זיך דערהערט די מעכטיגע שטימע פון
באַבעפען: „מיר דאַרפען ניט נור די גלייכ-
הייט, וואָס איז אָנגעשריעבען אין דער דעקלאַ-
ראַציע פון די רעכט פונ'ם מענשען, מיר ווילען
גלייכהייט צווישען דעם פאָלק אונטער די דע-
כער פון אונזערע הייזער." דעם אנפאַנג פון די
קאָמוניסטישע אידעען ווידמעט זשאָרעס דעם
לעצטען קאַפּיטעל: די געזעלשאַפטליכע גע-
דאַנקען פון דעם קאָנווענט און די רעוואָלוציאָ-
נערע רעגיערונג. דאָס קאַפּיטעל קען לויט זיין
גייסט פערגליכען ווערען מיט דער קאָלעקטיווער
אַרבייט פון די דייטשע און פראַנצויזישע סאָ-
ציאַליסטען, וואָס ווערט רעדאַקטירט פון קאַרל
קאַוטסקי, איבער די פאָרלויפער פונ'ם מאָדער-
נעם סאָציאַליזם.

מיר ווילען זיך ערלויבען צו שליסען די
קורצע בעמערקונגען איבער דער היסטאָרישער
ווערט פון דער „סאָציאַליסטישער געשיכטע"
מיט אַ בעמערקונג פון זשאַן זשאָרעס גופא:

„ס'איז געווען אַ גרויסע פרייד פאַר מיר
צונויפצונעהמען די בילדער, וואָס לעבען נאָך, די
בלעטלעך וואָס דערצעהלען וועגען די קאַלירטע
און ווארעמע קערענדלעך פון דער רעוואָלוציאָן.
איצט איז פאַר מיר אַ פערגניגען צו ווארפען
זיי צום ווינט פונ'ם לעבען". (אַלע 12 בענדער
מיט די רעוואָלוציאָנערע בילדער געפינען זיך
דאָ אין אסטאָרס ביבליאָטעק).

* * *

ווי געזאָגט האָט אונז זשאָרעס געגעבען
ניט סתם אַ היסטאָריע, נור אַ סאָציאַליסטישע
היסטאָריע. און ער ערקלעהרט אונז, אַז די
גאַנצע פּאָליטישע און סאָציאַלע ענטוויקלונג
פון 1789 יאָהר בעטראַכט ער פון דעם שטאַנד-
פונקט פון דעם ציעל, צו וועלכען זי מוז
קומען, ד. ה. פונ'ם סאָציאַליסטישען שטאַנד-
פונקט. מיר האָבען דאָס וואָרט: „מוז" בע-
טאָנט. די סאָציאַלע ענטוויקלונג מוז קו-
מען צום סאָציאַליזם, ד. ה. אַז דער סאָציאַליזם
שטיצט זיך אויף די כוחות פון דער סאָציאַלער
און פּאָליטישער ענטוויקלונג, וועלכע מאַכט
איהם פאַר אונפערמיידליך. שוין אין דער פאָר-
רעדע מאַכט ער אונז קלאָהר, אַז ער שטעהט
שטרענג אויף דעם מאַרקסיסטישען באָדען.
„צו יעדער צייט פון דער געשיכטע בעשטימט
די עקאָנאָמישע געביידע די פּאָליטישע פאָרמען,
די געזעלשאַפטליכע מאָראַל און אויך אפילו
די אַלגעמיינע ריכטונג פון דעם מענשליכען גע-
דאַנק". צו דער זעלבער צייט האָט זשאָרעס
אימער אין זינען די ליידענשאַפטען און די גע-
דאַנקען, וואָס בעהערשען דעם מענשען. ער
ווייזט אויף די קראַפט פון אבערגלויבען, די
ווירקונג פון די אבגעשטאָרבענע און אויסגע-
שעפּטע געדאַנקען אויף די לעבעדיגע דורות.
אין יעדער עפּאָכע פון זיין געשיכטע דעקט ער
אויף פאַר אונז איהרע עקאָנאָמישע גרינדע.
צו דער זעלבער צייט געדענקט ער שטענדיג
דעם מענשען, דעם הויפּט שפּיעלער פון דער
היסטאָרישער דראַמאַ. דער סאָציאַליזם שפּרינגט
ביי איהם ניט אַרויס ווי די געטין ווענוס פון
ים, נור ער וואַקסט אַרויס פון דער עקאָ-
נאָמישער ענטוויקלונג גופא. און די סאָציאַ-
ליסטישע ענטוויקלונג געהט ביי איהם דורך ווי
אַ רויטער פאַדים דורך זיין גאַנצער אַרבייט.
דעריבער קוקט ער שטענדיג מיט אָפענע אויגען
אויף די רעאַלע כוחות פונ'ם טרעגער פון סאָצי-
אַליזם—פונ'ם אַרבייטער קלאַס. זשאָרעס בע-
גריסט פונ'ם גאַנצען האַרצען די ערשיינונג פון
באַבעפען אויף דער געזעלשאַפטליכער טריבונע.
ער און זיינע מיטאַרבייטער האָבען פיעל מיט-
געהאָלפען ריינצוואַשען באַבעפען פון אַ נאַ-
רישען בלבול, וואָס זיינע פיינד האָבען אויף
איהם אויסגעטראַכט. ער איבערטרייבט אָבער
ניט זיין בעדייטונג. דעם 18טען מאַרטש 1793
יאָהר האָט דער קאָנווענט אָנגענומען אַ שטרענ-
גען געזעץ געגען די באַבעפיסטען. און זשאָ-
רעס פרעגט: קען דער געזעץ בעטראַכט ווע-
רען אַלס אַ געזעלשאַפטליך-רעאַקציאָנערער

גזועץ? און ער ענטפערט: אזוי וואָלטען מיר געקענט בעטראכטען דעם גזועץ בלויז דאַן, ווען צו יענער צייט וואָלט געווען אַ גזועלשאַפטליכע קראַפט, וואָס וואָלט געקענט ציהען די קאָמוניסטישע שליסע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, און מיט אַ זאכליכען אנאליז פון די גזועלשאַפטליכע קלאַסען ווייזט ער, אַז אַזאַ קראַפט איז נאָך ניט געווען. צוזאמען מיט מאַרקס'ען ערקלעהרט ער: „זאָגאר דאַן ווען די עלעמענטען (די פאָלקס־עלעמענטען) טרעטען אריין אין קאמפף געגען דער בורזשואזיע, ווי דאָס איז געווען אין פראנקרייך אין 1793 יאָהר, האלטען זיי מלחמה בלויז פאר די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע, אמת אויף אַן אנדער אופן". דער אופן איז אָבער אויך וויכטיג, בעמערקט זשאָרעס, ווייל ער ווייזט אונז ווי שוואך עס איז געווען דער קלאַסענבעוואוסטזיין פון די אַרבייטער. פון דער צווייטער זייט ווייזט ער אונז, ווי קלאהר און שאַרף עס איז געווען דער קלאַסענבעוואוסטזיין ביי דער בורזשואזיע. זי האָט נאָך פון אנפאנג ניט גוט פערשטאַנען דעם כוח וואָס זי שאַפט געגען זיך — דעם נייעם קלאַס, דעם פראָלעטאַריאַט. דאַן האָט זי איהם נאָך ניט געקענט זעהן, ווייל דער אַרבייטער קלאַס איז צו יענער צייט געווען איהר פאָליטישער משרת. מיט די הענד פון די פראָלעטאַריער האָט זי פערניכטעט די פעסטונג פון דער רעאקציע. צו איהם פלעגט זי זיך ווענדען ווען איהרע נייע איינריכטונגען זיינען געווען אין א קריטישער לאַגע. אין דעם קאַפּיטעל: „די רעוואָלוציאָנערע טעג (20טען יוני, 14טען יולי, 5טען און 6טען אָקטאָבער)" ווייזט ער אונז, ווי אזוי דער אַרבייטער קלאַס (הויפטזעכליך אין פאריז) האָט מיט לייב און לעבען געקעמפפט פאר דער בורזשואזער הערשאַפט. נאַטירליך, אַז „דער דריטער שטאַנד" האָט פאר די ארבייטער ניט מורא געהאַט. אין דעם קאַפּיטעל „די פארטייען און די קלאַסען", ווייזט ער אָבער, ווי אזוי די בורזשואזיע האָט קלאהר פערשטאַנען איהר שטעלונג בנוגע צו די הערשענדע שטאַנדען, צו די גלחים און צו די פעאדאלען. „זי האָט געוואוסט, וואָס זי איז, וואָס זי דאַרף זיין און וואָס זי וויל זיין" און איהר פולער צוטרוי צו זיך האָט איהר געגעבען די היסטאָרישע בערעכטיגונג, צו ווערען דער הערשענדער קלאַס. ביי דער געלעגענהייט פערגעסט ניט זשאָרעס צו ציהען די נויטיגע שליסע פאר דעם פראָלעטאריאט אין זיין קאמפף. דער קלאהרער בעוואוסטזיין פון זיינע אינטערעסען וועט איהם געבען די מעגליכקייט צו האָבען דעם פולען צוטרוי צו זיך אין זיין היסטאָריש נויטיגער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט. „דאָס פריוואַט־אייגענטהום צו יענער צייט האָט געקענט שיינען צו זיין די פאָרם און די גאראַנטי פון דער מענשליכער פערזענליכקייט. מיט דער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, מיט דער אַלגעמיינער פעראייניגונג פון די אַרבייטער ווערט דער קאָלעקטיווער און קאָמוניסטישער גזועץ פון די פראָדוקציאָנס מיטלען די בעדינגונג פון דער אלוועלטליכער בעפרייאונג."

בעטראַכטען מיר זשאָרעס'ס היסטאָרישע ווערק אינגאַנצען, דערמאָהנען מיר זיך ווי אזוי לאַססאַל האָט פאָרמולירט דעם געזונדטען קערן פון העגעל'ס פילאָסאָפיע: „דער פאַקטישער מאַטעריאַל אהן דעם געדאַנק האָט נור אַ פערהעלטניסמעסיגעס בעדייטונג, דער געדאַנק אָהן פאַקטען איז אַ פאַנטאַזיע". זשאַן זשאָרעס האָט צונויפגעזאַמעלט אַ רויהען פאַקטישען מאַטעריאַל, ער האָט איהם בעלויכטען מיט דער ליכט פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם און האָט געשאַפען מיט זיין וואונדערבארען טאַלאַנט אַ גרויסאַרטיגע ווערק. וואָלט ער בלויז דאָס געשאַפען, וואָלטען מיר אויך געהאַט די מעגליכקייט צו זאָגען: „ניט אומזיסט האָט ער געלעבט". דאָס ווערק איז אָבער אַ טראָפען אין ים פון אַ שטורמישען לעבען. און זיין לעבען איז געווען אַזוי פראַכטפאָל שעהן, ווייל ער איז געווען איינער פון די יעניגע, וואָס האָבען געקענט זאָגען: די הויכע כוואַליעס פון דעם ים האָבען מיין שיפעל אונטערגעהויבען און איך האָב געקענט זעהן די זון, ווען זי איז ארויס פון די וואַסערען". ער האָט אויך געזעהן, אַז „די גרויסע שטייגענדע כוואַליעס פון דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציאָן וועלען אונטערהויבען דאָס גרויסע שיף פון דער מענשהייט, כדי דער מענש, דער ארעמער זינדיגער, אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער פינסטערער ארבייט, זאָל בעגריסען דעם ערשטען מאָרגענשטערן, דעם ערשטען שיין פון דעם נייען גייסט, וואָס שוועבט איבער אונז".

* * *

מיט קורצע עטליכע ווערטער האָט זיך זשאָרעס געווענדעט צו זיינע מיטארבייטער, ווען ער האָט פערענדיגט די ערשטע פיער בענדער פון דער סאָציאַליסטישער געשיכטע. איצט קלינגען די ווערטער ווי אַ צוואה:

„איך גיב אייך איבער דעם פאַקעל מיט זיין ברענענדען פלאַם. פיעלע ווינטען האָבען איהם געפרובט לעשען. ער האָט שוין אַ גרויסע העלפט זיך אויסגענוצט, בעלויכטענדיג די וועלט".

דער פאַקעל דאָס איז אונזער סאָציאַליסטישע האָפנונג. מיר וועלען איהם איבערנעהמען פון דעם מאַן, וועלכען נור אַ מערדערישע קויל האָט געקענט צווינגען ארויסצולאָזען דעם פאַקעל פון די הענד.

ה. רויזענבלאַט.

נאָך אַ רעגען

אונ עס האָט גערעגענט
און גערעגענט לאַנג . . .
ווי דאָס שווערע האַרץ פון זינגער
אָטהעמט אויף, בעוועגט זיך גרינגער,
נאָך אַ צער־פולען געזאַנג,
אָטהעמט אויף די ערד.
און מיט מיליאָנען פייכטע, דינע
גרעזלעך, צינגלעך גרינע
זינגט זי איצט איהר לויב־געזאַנג.

און ערגעץ אין אַ דוב אַן אַלטען,
וואו אַ פויגעל האָט בעהאַלטען
זיך פון רעגען־גוס צו שיצען,
הילכט עס טשיר . . . טשירר . . . טשיררר . . .
„וועט נאָך דונערן,
וועט נאָך בליצען ?"

טשיר . . . טשיר . . . טשירר . .
„עפּעס פלאַטערען די בלעטער
און די צווייגען זיך בעוועגען, —
וועט נאָך פאַלען רעגען,
וועט נאָך פאַלען רעגען ?"

פון דעם הימעל, אויס מיליאָנען
פאַרבען ליכטיגע געצויגען,
דורך די פייכטע שווערע צווייגען
שמייכעלט צאַרט דער רעגענבויגען : —
„נאָך דעם רעגען,
נאָך דעם רעגען."

בלויז איין וואָלקענדעל אין הימעל
נאָך דעם שטורעם איז געבליבען ;
ווי אין גרויסען ים אַ שפּענדעל,
הפקר פון דעם ווינד געטריבען
שווימט עס שטיל
אָהן אַ ציעל . . .

שווימט . . . און אויף אַ פעלז אַ גרויען,
מיעד פון רעגען שטעהט אַ בלימעל,
קוקט אַרויף צום בלויען הימעל,
ז'איז דאָס וואָלקענדעל מקנא :
ערגעץ וועט ער שפע ברינגען ;
שטיל אָהן דונערען, אָהן בליצען
וועט דאָס רעגענדעל זיינס שפּריצען,
אויף אַ גאָרטען פול מיט רויזען
צווישען קוועלענדע פאָנטאַנען —
איז נאָך אַזאַ עלענדע פעראַנען ? !

ליכטיג, ווי אַ גרויסער אָפּאַל,
שטראַהלט די זונן אויף דר'ערד אַרונטער.
פון דעם פעלזען קויקעלט מונטער
זיך אַראָב דער וואַסער־קוואַל,
פון דעם ווינטעלע געצערטעלט
און געקושט פון זונען־שטראַהל.

פון דער גרויער הויך אין אומעט,
קוקט דאָס בלימעלע אַרונטער,
ווי עס יאָגט דער קוואַל זיך מונטער
מיט דעם ים זיך צו בעהעפטען ;
זינגט און איילט זיך ראַש פון דאַנען —
איז נאָך אַזאַ עלענדע פעראַנען ? !

שטיל . . . עס שווייגען ערד און הימעל. —
אין דער נידער טרילט אַ פויגעל :
„באַלד פערגעהט די זונן און אונטען
אין דעם טיעפען טאָהל, צוזאַמען
וועט די נאַכט אונז פריה פערדעקען ;
דו בלויז, דו אַליין וועסט זעהען
פון דעם טאָג די לעצטע פלאַמען.
דו אַליין וועסט זיין די ערשטע,
וואָס וועט אין דער הויך דערהערען,
ווי עס צינדט זיך אין דעם הימעל
אָן דער קלאָהרער אָבענד־שטערען . . ."

„רוה און שלום, רוה און שלום !
דרימעל, שוועסטער מיינע — חלום" . . .

מ. פאוולאָוויטש

די שלום־זוכער ערב דער מלחמה

.1

די מעשה — מעקסיקא.

עם 10טען מערץ, 1914, האָט דער בעוואוסטער פאציפיסטיטשער פראנצויזישער זשורנאַל „לא פע פאר לע דרוא“ (שלום דורך רעכט) אָבגעדרוקט אַ פאטעטישען אַרטיקעל אונטער'ן קעפּעל: „די פעראייניגטע שטאַאטען גיבען דער וועלט אַ ביישפיעל“. געמיינט האָט ער דערמיט דעם אָבמאַך, וואָס די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון די פעראייניגטע שטאַאטען און דער שוויייץ האָבען דעם 13טען פעברואר אונטערגעשריעבען אין וואשינגטאָן — אין פאַל פון אַ סכסוך זיינען דיביידע לענדער פערפליכטעט צו געהן צו אַ שיעדס־געריכט. דער אַרטיקעל־שרייבער האָט מיט התפעלות גערעדט וועגען דעם הערליכען אינטערנאַציאָנאַלען אַקט, וועלכער בעווייזט וואָס פאר אַ געוואַלדיגען פראָגרעס עס האָט געמאַכט די אידעע פון שלום. וואָס איז דאָס אַזוינס פאר אַן אָבמאַך? ער לעזט זיך אַזוי:

„אין פאַל אַ סכסוך וועט אויסברעכען צווישען די פעראייניגטע שטאַאטען און שוויייץ, און עס וועט זיין אונמעגליך איהם אויסצוגלייכען ניט אויפ'ן וועג פון דיפּלאָמאטיע און ניט דורך אַ פרייווילליגען שיעדס־געריכט, זיינען די ביידע לענדער מחויב איבערצוגעבען דעם גאנצען סכסוך צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע פון 5. זייער בעשלוס איז ניט בינדענד פאר די צדדים. נור אין משך פון דעם יאָהר טאָר קיין איינער פון זיי ערקלערען דעם אַנדערן מלחמה אָדער בעגעהן אַ וועלכען עס איז פיינדליכען אַקט געגען אַנדערן.“

די מעשה איז אָבער, וואָס די ביידע לענדער וואָלטען ביים בעסטען ווילען בשום אופן ניט געקענט ערקלערען איינס דעם אַנדערן מלחמה, ווייל זיי קומען זיך ניט צונויף ניט אויף דער יבשה און ניט אויפ'ן וואסער, ווייל זיי זיינען אבגעטיילט איינס פון אַנדערן מיט ימים, גרויסע און ברייטע לענדער און ריעזיגע בערג. די ביידע לענדער קענען ניט בעגעהן קיין געוואַלט אַקט איינס קעגען אַנדערן, אייננפאך, צוליעב געאָגראפישע טעמים, און זיי וואָלטען געקאָנט אויסקומען גאָר אָהן אָבמאַך. פונקט אַזוי וואָלט רוסלאנד זיך געקאָנט פערפליכטען צו דער זיד־אַמעריקאַנישער רעפּובליק אורוגוואי, און דער אַלוועלטליכער פריעדען וואָלט ו'ערפון גאָרנישט געוואונען. דאָס וואָלט אויך געווען אַן אָבמאַך גלאט אין דער וועלט אַריין.

אין מערץ האָט דער זשורנאַל אָבגעדרוקט זיין לויבגעזאנג צו די פעראייניגטע שטאַאטען, און אין אַ מאָנאַט ארום האָט דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאטען, דער הייסער אדוואָקאט פון געצוואונגענעם שיעדס־געריכט, דער אויבער־פּריסטער פון דער אַמעריקאנער פריעדענס־בעוועגונג, אַרויסגעשיקט אַ קריעגספלאָטע געגען מעקסיקא. דער אמעריקאנער אדמיראל פלעטשער האָט פּלוצלינג אָנגעפאנגען באָמבאַרדירען ווערא־קרוז. ער האָט אפילו ניט מודיע געווען פריהער די אויסלענדישע קאָנסולען, וואָס דאָס איז שוין גאָר געגען אַלע אינטערנאַציאָנאַלע מנהגים. אין גרונד גענומען, איז די מהומה אַרויסגערופען געוואָרען דורך די קאָנקורענץ פון פערשיעדענע גרופען קאפּיטאַליסטען. אָבער ניט וועגען דעם האַנדעלט זיך דאָ.

אַז דער אנפאַל אויף מעקסיקא איז ניט געווען קיין צופאַל, אַז דאָס איז ניט געווען קיין געצוואונגענער טריט פון די אמעריקאנער רודף־שלום'ניקעס, צו וועלכען זיי האָבען זיך ענטשלאָסען געגען זייער אייגענעם ווילען, גענויט דורך די טרויעריגע אומשטענדען, בעווייזט דער פאקט, דאָס זיי האָבען זיך געגרייט צו דעם אנפאַל. דאָס איז קלאָר פון פּרעזידענט ווילסאָנס ערקלערונג צום קאָנגרעס פון 2טען דעצעמבער 1913.

צוערשט פערשפּרייט ער זיך וועגען די גוטע אויסזיכטען אויף פריעדען צווישען די פעלקער, דאן טיילט ער מיט מיט פרייד, אַז דער סטייט־דעפּארטמענט האָט בעקומען פון 31 נאַציאָנען, וועלכע שטעלען צונויף ¾ פון דער גאַנצער בעפעלקערונג אויף דער וועלט, אַ פּרינציפּיעלע הסכמה צו זיין פּאָרשלאַג וועגען שיעדס־געריכטען אין פאַל פון אַ סכסוך. און ער דעמאָהנט דערביי ניט אַ וואָרט וועגען דעם אפשר איז מעגליך אויף דעם

סכסוך מיט מעקסיקא איבערצוגעבען צו אַ שיעדס־געריכט. דאָס איז נאָך מערקווירדיגער, וואָס דער הויפּט־טייל פון זיין ערקלערונג איז דאָך פערנומען מיט מעקסיקא. מעקסיקא איז דער „איינציגער“ וואָלקענדעל אויפ׳ן אמעריקאַנער הימעל.

אָט גראָדע אין דעם פאַל אין בעצוג צו דעם „איינציגען וואָלקענדעל“ וואָלט געווען זעהר פּאַסענד צו ריידען וועגען אַ שיעדס־געריכט. און דאָס, וואָס ער האָט פונקט דאָ געשוויגען וועגען דיעזען „אידעאַלען“ מעטאָד אויסצוגלייכען סכסוכים, מאַכט פאַר אַלעמען קלאָר, אַז לויט דער מיינונג פון די אַמעריקאַנער רודף שלום׳ניקעס דאַרפען די סכסוכים פון וואַשינגטאָן מיט די רעפּובליקען פון צענטראַל־ און זיד־אַמעריקא אויסגעגליכען ווערען ניט דורך אַ שיעדס־געריכט, נור דורך ווירקזאַמערע מעטאָדען — מיט דאָלאַר־דיפּלאָמאַטיע, פלאָטען־דעמאָנסטראַציעס און ווען נייטיג אויך מיט וואַפען־געוואַלט.

דער פאַל מיט מעקסיקא האָט בעלויכטען דעם כאַראַקטער פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזער פריעדענס־בעוועגונג און איצט וועלען מיר אַ קוק טהאָן, ווי עס זעהט אויס די בורזשואַזע פריעדענס־בעוועגונג אין אייראָפּא.

.2

די רוסישע פּאַציפיסטען און די מלחמה.

אינטערעסאַנט, דאָס דער ערשטער פּאַציפיסט, וואָס האָט אויפגעשטורמט גאַנץ אייראָפּא, דער נביא פון פריעדען צווישען פעלקער, פון שיעדסגעריכטען און ז. וו. איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי צאַר ניקאָלאַי, וועלכער האָט זיך אין 1899 געווענדעט צו די פעלקער מיט אַ פּאָרשלאַג אָבצושטעלען די בעוואַפנונגען. צאַר ניקאָלאַי און פריעדען! — דער פּאַטערל פון רוסלאַנד — ער וועלכער האָט אַריינגעשלעפּט רוסלאַנד אין א בלוטיגע מלחמה מיט יאַפּאַן, וועלכער איז דער פאַטער פון ווילדעסטען אימפּעריאַליזם אין אויסערער פּאָליטיק און פון דעם ווילדעסטער רעאַקציע אין אינערער פּאָליטיק, דער הויפּט פון די „שוואַרצע מאות“, וואָס ראַבעווען דאָס רוסישע פאָלק און טרינקען דאָס בלוט פון די אַלע ניט רוסישע פעלקער, — ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר פריעדען.

אמת, די היינטיגע רוסישע פּאַציפיסטען זיינען ליבעראַלען און געגנער פון רעאַקציע, אָבער אין בעצוג צו דער אויסערליכער פּאָליטיק זיינען זיי אונפערשעמטע אימפּעריאַליסטען, וועלכע הלומ׳ען נור וועגען פערכאַפּען טערקישען אַרמעניען, כלומרשט צוליעב דער טובה פון די טערקישער אַרמענער, וועגען פערכאַפּען באָספאָר און דאַרדאַנעלען און זעהען שוין בנבואה דעם חורבן פון דייטשלאַנד.

פאַרהאַן אין רוסלאַנד אַ פּאַציפיסטישע געזעלשאַפט „פריעדען“, וועלכע האָט אָבטיילונגען אין אַלע גרעסערע שטעדט פון רוסלאַנד. ווען אין יאָהר 1912 איז אויף אַ זיצונג פון דער מאָסקווער אָבטיילונג פון דער געזעלשאַפט פאָרגעשלאָגען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן צו פערדאַמען דעם אָנפאַל פון די באַלקאַנישע פעלקער אויף טערקיי, איז די רעזאָלוציאָן ניט נור דורכגעפאַלען מיט אַ קנאַק, נור זי איז נאָך געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס שענדליך און געמיין פון איינעם פון די פיהרער, פּראָפעסאָר קאַטליאַרעווסקי.

און איבער דיעזער שטעלונג פון די רוסישע פּאַציפיסטען איז גאָר ניטאָ וואָס צו וואונדערן זיך. די בורזשואַזע פּאַציפיסטען צייכנען זיך איבערהויפּט אויס מיט זייער טריההייט צו די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון זייער אייגען לאַנד און אמאָל אויך פון די לענדער, וואָס זיינען פערבונדען מיט זייער לאַנד, און מיט זייער העפטיגער שנאה צו די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון די פיינדליכע און קאָנקורירענדע לענדער.

דאָ מוזען מיר זיך אָבשטעלען אויף דעם גרונד־אונטערשיעד אין דער שטעלונג צו מלחמה פון די סאָציאַליסטען און די פּאַציפיסטען. די סאָציאַליסטען קעמפּפען פריהער פון אַלץ מיט די עראָבערונגס־פּלענער פון זייער *אייגען לאַנד*, בעת די פּאַציפיסטען גיבען איבערהויפּט אכטונג אויף דער „גוטער אויפפיהרונג“ פון די פרעמדע לענדער. דיעזער אונטערשיעד נעהמט זיך פון דעם, וואָס די סאָציאַליסטען און פּאַציפיסטען פערטיידיגען די אינטערעסען פון פערשיעדענע קלאַסען. די סאָציאַליסטען שטעהען פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער קען נור פערלירען פון אַ מלחמה. די פּאַציפיסטען זיינען די פאָרשטעהער פון יענע גרעסערע אָדער מיטעלע בורזשואַ, וועלכע בעזיצען אינלענדישע אָדער אויסלענדישע ווערט־פּאַפּיערען. אויב זיי אַליין שפּיעלען נור ניט אויף דער בערזע, זיינען זיי פאַר פריעדען, פאַר רוהע. אַן אויסנאַהמע מאַכען זיי פאַר זייער אייגענער רעגיערונג, וועמען עס ווערט ערלויבט צו פיהרען מלחמות, כדי אויפצוהויבען די בעדייטונג פון מיליטער, וואָס דאָס איז זעהר וויכטיג פאַר דער אָרדנונג אין לאַנד גופא. אָבער די מלחמות דאַרפען זיין זיכערע, ניט ריזיקאַלישע. זיי ווילען נור גוטהייסען אַן אַטאַקע אויף אַ שוואַכערעם לאַנד, ווי, צ. ב. ש. ווי טריפּאָלי, מאַראָקא, מעקסיקא, פּערסיען און ז. וו. דערפאַר אָבער זיינען זיי ענטשיעדענע געגנער פון א מלחמה מיט אַן ערנסטען, שטאַרקען שונא. פרעמדע מלוכות פערוועהרען זיי אין גאַנצען מלחמות.

דעריבער ווען די איטאַליענער זיינען בעפאלען טריפאלי, האָבען אַלע פאציפיסטען געהאַלטען, אַז דאָס איז זעהר שלעכט, אַלע אויסער די איטאַליענישע פאציפיסטען, וועלכע האָבען אין דעם רויבערישען אנפאל געזעהן אַ מלחמה פאר קולטור און ציוויליזאציאָן. די רוסישע וויעדער זיינען געוועזען אויפגעבראכט. די פעטערבורגער געזעלשאַפט פון פריעדען האָט ארויסגעטראגען אַ פערדאמונגס־רעזאָלוציאָן געגען די איטאַליענער. „די מלחמה רעגט אויף דעם געוויסען פון די פעלקער" — שטעהט אין דער רעזאָלוציאָן.

פערדאמענדיג אין 1911 די איטאַליענישע מלחמה און אויסדריקענדיג טיעפען בעדויערן, וואָס די איטאַליענער האָבען ניט אָבגעהיט די פערפליכטונגען פון דער האַאגער קאָנפערענץ פון 1907, האָבען אונזערע פאַציפיסטען אין 1912 געמאַכט אַ שוויינ ווענען די שרעקליכע רציחות פון זיעגרייכען חיל פון די באלקאנישע ברידערלאָך. די געשיכטע וויים ניט פון נאָך אַזאַ ביישפיעל פון ווילדקייט. די מלחמה איז מעהרסטענטיילס געוועזען אַ שחיטה אויף דער פריעדליכער בעפעלקערונג. דער גאנצער וועג פון חיל איז געוועזען איין מענשען־יאטקע. מען האָט געקוילטעט אַלטע לייט, קינדער אויף די מוטערס. פערוואונדעטע, געפאנגענע טערקישע סאָלדאטען זיינען גאָר ניט געוועזען — זיי האָט מען אויפן שטעל געטויט. און די גאנצע רוסישע פרעסע — די רעאקציאָנערע, ליבעראַלע און די לינקע — מיט דער אויסנאַהמע פון די ארבייטער־צייטונגען און „קיעווסקאיא מיסל" — האָט וועגען דעם אַ וואָרט ניט געהאַט. עס איז געוועזען אַן אמת'ע פ ע ר ש וו ו ע ר ו נ ג פ ו ן ש וו ו י י ג ע ן (זעה דעם פראָטעסט פון געגאָסע טראצקי אין „לוטש" פון 30 טען יאנואר 1913 — „אַן אינטערפעליאציע צום העררן מיליוקאוו"). אויף אַזאַ אופן זיינען די רוסישע סאָציאַליסטען געוועזען מיטפעראנטוואָרטליך פאר דיעזע אַלע בארבארייען, זיי זיינען געוועזען די מאָראַלישע מיטהעלפער פון די ברידערליכע מערדער.

דער יד אחת פון דער רוסישע פרעסע איז גאנץ נאַטירליך. פערקעהרט, עס וואָלט געוועזען אַ חידוש, ווען עס וואָלט אַנדערש געוועזען. אַזוי האָבען געטהאָן די איטאַליענער פאציפיסטען, ווען די איטאַליענישע סאָציאַליסטען האָבען פראָטעסטירט געגען די שיסערייען אויף די פריעדליכע איינוואוינער פון טריפאלי; אַזוי טהוען די פיעלע פראנצויזישע פאַציפיסטישע אָרגאַניזאציעס, ווען די סאָציאַליסטען האַלטען זיי פאָר די אונאויפהערליכע געוואַלטטהאַטען, וואָס די פראנצויזישע ארמיי בעגעהט אין מאַראָקאָ. אַזוי איז געוועזען, אַזוי וועט זיין. דאָס איז שוין געוואָרען אַ הייליגער מנהג ביי די פאַציפיסטען פון אַלע לענדער, ווען זייער אייגען לאַנד, אָדער אַ פריינדליך לאַנד, פיהרט אַ מלחמה געגען אַ שוואכערען שונא. אכזריות גילט דאַן פאר העלדענטהאַטען.

איך וועל ברייגנען נאָך אַ כאַראַקטעריסטישען פאַל. די רוסישע פאציפיסטען האָבען לאַנג זיך ניט געקענט בערוהיגען, פאר וואָס רוסלאַנד האָט ניט ערקלערט מלחמה עסטרייך צוליעב סקוטארי און פאר וואָס זי האָט דערלאָזען אויפקומען אַ נייעם קעניגרייך אַלבאַניען. אַזוי האָט דער פרעזידענט פון געזעלשאַפט „פריעדען" מ. מ. קאוואַלעווסקי געעפענט די זיצונג פון 12טען מערץ 1913 מיט פאָלגענדער רעדע:

„מיר לעבען איבער אַ שווערע צייט: די אידעע פון פריעדען איז געקומען און ווידערשפרוך מיט דער אידעע פון אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיגקייט. צוליעב פריעדען מוזען מיר אויפאָפפערן ניט נור די אינטערעסען, נור אויך די עקזיסטענץ פון אַ קליינעם הערָאישען פאָלק, וואָס איז אימער געוועזען דער אוואנפאסט פון סלאַווענטום. צוליעב פריעדען אויף דער וועלט זאָגען מיר זיך אָב צו שטיצען די דרום־סלאַווען און טרייבען זיי צו אַ בונד מיט עסטרייך. מיר העלפען מיט דער צושטערונג פון באַלקאנישען בונד, שאפענדיג אַ כלומרשט אונאבהענגיגען אַלבאַניען. מיר זעהען ניט איין פאר וואָס זאָל רוסלאַנד עפעס זיין דער מעקלער אין בולגאַריש־רומענישען סכסוך. פאר דעם טריאומפף פון פריעדען וואָלטען אפשר געפאַסט גאָר אנדערע מיטלען — אַן ענערגישערע שפראַך פון אונזערע דיפלאָמאַטען וואָלט פיעל גיכער, ווי זייער נאַכגיעביגקייט, איינגעהאַלטען די חוצפה פון עסטרייך."

דאָס הייסט, אַז דער קאָפּ פון רוסישען פאציפיזם דריקט אויס זיין בעדויערן, וואָס די רוסישע רעגיערונג האָט צו שטאַרק אונטערגעשטראָכען איהר וואונש פריעדליך צו לייזען די שטרייטפראגען. עס איז קלאר, אַז נאָך זיין מיינונג האָט רוסלאַנד געדארפט שיקען אַן אולטימאטום צו עסטרייך און זאָל עס פיהרען צו אַן אַלאייראָפעאישען קריעג.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון דער געזעלשאַפט „פריעדען", וועלכע איז פאָרגעקומען אין פעטערבורג דעם 1טען נאָוועמבער 1913, זיינען מאַנכע פאציפיסטען גאָר ארויס פון די כלים און האָבען אומגעוואנדעלט זייער פריעדענשטרעבעריי אין מענשענהאַסעריי.

ווי בעקאַנט, האָבען די מערב־אייראָפעאישע פאציפיסטען געהאַלטען פאר אַ גרונדבעדינגונג פון אינטערנאַציאָנאַלען פריעדען אַ פראנצויזיש־דייטשע דערנעהענטערונג. ווען פראנקרייך און דייטשלאַנד וואָלטען אויפגעגעבען זייער שטרייט, וואָלט ניט געקומען צו אַן אַלאייראָפעאישער מלחמה. שטעלט זיך ארויס,

אַז פיעלע רוסישע פּאַציפיסטען האָבען מורא געהאַט פאר אַ דייטש־פראַנצויזישער דערנעהנטערונג — פערשטעהט זיך, דערפאר, ווייל דאָס וואָלט געשאדט די רוסישע עראָבערונגס־פּלענער. אָט אויף דער דערמאהנטער זיצונג האָט איינער פון די פיהרער פון רוסישען פּאַציפיזם געהאַלטען אַן אמת מענשען־פרעסערישע רעדע געגען דייטשלאנד :

„די דייטשע פיהרענדע קרייזען זוכען צו פערקניפּען פעסטע האַנדעלס־בעציהונגען מיט פראַנקרייך, כדי אַ דייטש־פראַנצויזישע מלחמה זאָל ווערען אונמעגליך (אַזאַ אומגליק !). ווען דאָס זאָל זיך דייטשלאנד איינגעבען, און דאָס איז זעהר מעגליך איצט, ווען די אידעע פון רעוואַנש ווערט אַלץ שוואַכער אין פראַנקרייך, וועט רוסלאנדס לאַגע זיין גאָר אַ געפעהרליכע. דייטשלאנד, געשטיצט אויפ'ן דריי־בונד, וואָלט אַוועקגעשטעלט אַזעלכע פראגען און אַזוי זיי פערשאַרפט, אַז רוסלאנד וואָלט שוין ניט געקענט בלייבען אַ גלייכגילטיגע צושויערין.“

אַלזאָ, אַן אנגעזעהענער רוסישער פּאַציפיסט איז זיך מצער, וואָס די אידעע פון רעוואַנש ווערט אַלץ שוואַכער אין פראַנקרייך און סטראשעט דייטשלאנד מיט רוסלאנד'ס צאָרן פאר קאָקעטירען מיט פראַנקרייך.

וואָס זאָל מען זאָגען וועגען אַזעלכע פּאַציפיסטען ? וואָס פאר אַ טייוועל טרייבט זיי חוזק צו מאַכען איבער אַ אידעע, וועלכע מיט רעכט אָדער אונרעכט טראָגט דעם הויכען נאָמען פּאַציפיזם ? וואָס איז אַזוינס דער פּאַציפיזם, ווען ער ערלויבט אַזאַ שפּיעל מיט'ן טייוועל ?

.3

דער פּאַציפיזם אַלס בעזונדערע פאָרם פון אימפּעריאַליזם.

די פּאַציפיסטען האָבען זיך קיינמאָל ניט אַרויסגעשטעלט אַלס מארטירער פון דער אידעע פון פריעדען, אַלס טרויםער וועגען אַלוועלטליכען פריעדען. דאָס זיינען אַלץ רוהיגע, געזעצטע געשעפטסלייט. ווען עסטורנעל דע קאָנסטאַן האָט דער ערשטער אין 1896 גענומען ענטוויקלען די אידעען פון פּאַציפיזם (אין זיין ארטיקעל „די נאָהענטע געפאהר. איירָאָפּא און איהרע קאָנקורענטען“, געדרוקט אין זשורנאַל „רעוויו דע דע מאנד“), זיינען זיינע ארגומענטען געווען פאָלגענדע : דער בעוואַפענטער פריעדען און בעזונדערס אַ מלחמה וועלען פיהרען צו אַ טיעפער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אויפטרייסלונג אין גאַנץ איירָאָפּא. איירָאָפּא האָט געגען זיך דריי וועלט־טיילען — אַמעריקא, אזיען, אויסטראַליען. אין גיכען וועט די קאָנקורענץ פון יאפּאַן, פון דער אויפקומענדער כינא און פון די פעראייניגטע שטאַאַטען נעהמען אָנטהאָן אַ געוואַלדיגען שאדען די איירָאָפּעאישע פּאַבריקען, דער איירָאָפּעאישער לאַנדווירטשאַפט, מעטאַל־ און קוילען־אינדוסטריע. פריהער אָדער שפּעטער וועלען פון איירָאָפּא אַוועקגענומען ווערען די אמעריקאנישע און אַזיאַטישע מערק, דאַן אויך די אפריקאנישע. און ער וואָרענט די מעכטע און די הערשענדע קלאַסען אויפצוגעבען די געגענזייטיגע אָפענע און געהיימע אינטריגען און צו שליעסען אַ בונד צווישען זיך צו פערטיידיגען די איירָאָפּעאישע אינטערעסען. אַ דייטש־פראַנצויזישע דערנעהנטערונג, וועלכע קאָן דערגרייכט ווערען דורך געגנזייטיגע הנחות, דאָס איז געווען דער האַרצענס־וואונש פון די איירָאָפּעאישע פּאַציפיסטען, וועלכע האָבען זיך דערשראָקען פאר דער אַמעריקאנער קאָנקורענץ. אַזוי איז אויסגעוואַקסען דער איירָאָפּעאישער פּאַציפיזם.

שפּעטער זיינען אויך יאפּאַן און די פעראייניגטע שטאַאַטען אריינגענומען געוואָרען אין כלל פון די, וועלכע דאַרפען געניסען פון די טובות פון „פריעדענס־בונד“. דער פּאַציפיסטישער אידעאַל איז יעצט—אַלע גרויסע מלוכות זאָלען שליעסען געגענזייטיגע אָבמאַכען, דורך וועלכע אַלע שטרייט־פראגען זאָלען אויסגעגליכען ווערן. דייטשלאנד זאָל נאָכגעבען רוסלאנד אין טערקישען ארמעניען, רוסלאנד זאָל אנערקענען פאר געזעצליך די דייטשע פּרעטענזיעס אַרום דער גרויסער באגדאדער אייזענבאַהן ; פראַנקרייך, דייטשלאנד, ענגלאנד זאָלען פריינדליך צוטיילען זייער ליעבשאַפט צו סיריען און פּאַלעסטינע; אַ פּינקטליך אויסגעאַרבייטער, גענויער קאָנטראַקט זאָל מאַכען אַ טאָלק אין אפריקא וועגען קאטאנגא, אנגאלא, זאנזיבאַר און די גרויסע אייזענבאַהנען. און וואָס שייך כינא, זאָל מען זי צומעסטען און צוּוואַרפען אויף טעריטאריעס, און יעדע טעריטאָריע זאָל אַרונטערפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון אַ בעזונדער מדינה. די עראָבערונגס־פּאָליטיק וועט זיך אָנגעהן ווי פריהער און נאָך מיט מעהר ערפאָלג. יעדע מלוכה וועט פערכאַפען מערק און טעריטאָריעס, וועלכע זיינען איהר צום האַרצען, אָהן שום ריזיקאָ. קיין מלוכה וועט איהר ניט בעפאַלען פון הינטען. קיין שרעק פאר מלחמות. קיין פאַלען פון ווערט־פּאַפּיערען. קיין מיליטאריזם, קיין שטייער־לאַסט. קיין סאָציאַלע קאטאסטראָפעס, וואָס וואַרפען אַזאַ מורא אויף די הערשענדע קלאַסען. אָט דאָס איז די קווינט־עסענץ פון מערב־איירָאָפּאישען פּאַציפיזם.

אָט וואָס אין 1912 האָט געשריעבען וועגען דער געפאַהר פון אַ מלחמה צווישען די גרויסע איירָאָפּאישע מלוכות דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „נאָרד און זיד“ לודוויג שטיין :

„אַלע גרויסע ציוויליזירטע מלוכות נייטיגען זיך אין רוה און פריעדען כדי צו בעצווינגען דעם קלאַסען־קאַמפף. דורך דעם אַלוועלטליכען האַנדעל מוז מען זעהן צו שאַפען מערק פאַר אונזער אינדוסטריע פון איין זייט, און דורך סאָציאַלע געזעצגעבונג זעהן אָבצושוואַכען דעם קאָנפליקט צווישען די קלאַסען, אָבשאַפען די קאָנקורענץ צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, בריינגען די סאָציאַלע קרעפטען אין א גלייכגעוויכט. זאָל דער איירָאָפּעאישער פריעדען צושטערט ווערען, און די ארבייט פון יאָהרצעהנדליגע וועט געהן צו גרונד. מיר וועלען האָבען אַ רעוואָלוציע מיט אַלע איהרע שרעקען. ווארים אַ מלחמה פון איין לאַנד מיט אַ צווייטען מיינט איצט, ביי דער איצטיגער סיסטעם פון בונדען און אבמאכען, אַן אַלאיירָאָפּעאישע מלחמה. דאַן קומט דער מאָמענט פון דער „גרויסער איבערקעהרעניש". אָט די אַלע שונאים פון דער היינטיגער געזעלשאַפט ווי זיי זאָלען דאָרט ניט הייסען מיט זייערע נעמען — אַנטימיליטאַריסטען, אַנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען — וואַרטען נור אויף אַזאַ מאָמענט און זיי וועלען זיך ארויפוואַרפען און מאַכען אַ תל פון אונזער ציוויליזאַציע, וואָס איהר איינציגע שטיצע איז דער שטאַאַט. און וואָס וועט דאַן זיין? דער עשאַפאָט פון די מאַנטאַניארען, די קוילען פון די קאָמונאַרען זיינען אַ שפּיעלכעל אין פערגלייך מיט די כעמישע מיטלען, וועלכע שטעהען זיי איצט צו געבאָט. די פאַנטאַזיע קאָן גאָר ניט אויסמאַלען דאָס שוידערליך בילד, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַנדעס וועלען פערכאַפּען די מאַכט אין די מהומות פון אַן אַלאיירָאָפּעאישען קריעג."

אָט דאָס איז דאָס שרעקענס־בילד, וואָס מאַכט די היינטיגע פּאַציפיסטען ציטערן פאַר אַן איירָאָפּעאישער מלחמה. די הערשאַפט פון די פערמעגענדע קלאַסען איבער דעם אייביג אונצופריעדענעם און אייביג זיך אויפרעגענדען פּראָלעטאַריאַט, די הערשאַפט פון שטאַאַט, וואָס שטיצט זיך אויף די פערצעהן־צאָהליגע קאַנאָנען־העלזער און מיליאָנען ביקסען־שפּיעזען, איבער די צושטערענדע עלעמענטען, וואָס זוכען צו שטירצען די הייליגע גרונדלאַגען פון דער היינטיגער אָרדנונג — אָט די הערשאַפט איינצוהאַלטען איז נור מעגליך, ווען פריעדען וועט הערשען צווישען די ערשט־קלאַסיגע איירָאָפּעאישע מלוכות.

אויף אַזאַ אופן איז דער בורזשואַזער פּאַציפיזם לויט זיין גרונד אידעע און לויט זיינע טענדענצען געווען נישט מעהר ווי אַ מין אוטאָפּישער אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט געוואָלט פערשטראַכירען איראָפּאַ פון דער געפאַהר פון אַן אַלאיירָאָפּעאישען קריעג און פון אַ סאָציאַלער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז פערבונדען מיט אַן אַלאיירָאָפּעאישען קריעג, דורך אַ יד אחת פון אַלע גרויסע מלוכות, דורך אַ קאָנטראַקט, וואָס וואָלט יעדער מלוכה געגעבען אַ בעשטימטע טעריטאָריע צו בעראַבעווען.

.4

די גאַראַנטיע פאַר פריעדען.

מיר האָבען געזעהן די פּאַציפיסטען אין זייער אמת'ער געשטאַלט. זיי זיינען פונקט אַזוי פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם איצטיגען קריעג, ווי די בלוט־דורשטיגע מיליטאַריסטען. אָה, זיי וועלען די פעראַנטוואָרטליכקייט פון זיך ניט אַראָבוואַרפען דורך גרינדען פריעדענס־טעמפּלען און שיעדס־געריכטען. די, וועלכע שטעהען פאַר דער היינטיגער סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס רופט און מוז ארויסרופען אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, די וועלען זיך קיינמאָל ניט קענען פערענטפערן מיט סענטימענטאַלע רייד. דערפאַר האָט גוט געטהאָן דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער אין זיין קאַמפף געגען דעם מערדערישען מיליטאַריזם האָט זיך געהאַלטען ווייט פון יענער בעוועגונג, וואָס אין איהר שפּיצע שטעהען דער דינאַמיט פאַבריקאַנט נאָבעל און דער קעניג פון שטאַהל־טראָסט קאַרנעגי.

די גאַראַנטיע פאַר פריעדען איז ניט אין האַאַגער קאָנפערענצען און שיעדס־געריכטען, נור אין דער מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט, אין זיין איינִיגונג אונטער דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פאָהן, אין זיין טריישהייט צו די פּרינציפּען פון קלאַסען־קאַמפף. די גאַראַנטיע פאַר פריעדען איז אין אויפדעקען דעם פערברעכערישען כאַראַקטער, אין ארונטעררייסען די מאַסקעס פון אַלע מלחמות, וואָס פאַר אַ נאָמען זיי זאָלען ניט טראָגען: צי די ערשטע „גרויסע בעפרייאונגס מלחמה אויף די באַלקאַנען", צי די צווייטע „עקעלהאַפטע ברידער־מלחמה אויף די באַלקאַנען". ווארים די ערשטע האָט געמוזען ארויסרופען די צווייטע, און די צווייטע ווידער האָט פערוואַנדעלט די באַלקאַנען, אין אַ צירק, וואו ווילדע חיות רייסען איבער איינע דער אַנדערע די העלזער, אין אַ פייערשפּייענדען באַרג, וואָס האָט ארויסגעשאָסען איצט די פלאַם פון אַלאיירָאָפּעאישען קריעג.

משה סטאװסקי

טשורע־גנב

(ערצעהלונג אין זעקס קאַפּיטלען)

דריטער קאַפּיטעל.

זונטאג אין אבענד זיינען מיר געשטאנען נעבען דער „זשאראָװנע“, זיך געװארעמט, צוגעקוקט צו דער ארבייט און ארויפגעטראָגען אויף'ן טיש אָט די פראגע, װעלכע האָט אונז געמאטערט און אויף װעלכער אונז איז ניט געלונגען צו געפינען קיין ענטפער. די מעשה האָט דעם עולם פעראינטערעסירט און איז גלייך געװאָרען שטארק װארעם בעהאנדעלט. דער חשד אויף מענשען איז אין גאנצען געװאָרען אויסגעשלאָסען. אלע זיינען געװען איינשטימיג, אז דאָס איז די ארבייט פון פיערפיסיגע. נאָר װער? . . . אָט װעגען דעם איז אזוי לייכט ניט געװען זיך אויסצוגלייכען . . . געהאנדעלט האָט זיך װעגען א מארדער, א טחור און א סצור. אין אָנהויב איז אפילו ארויפגעשװאומען די פראגע װעגען א הונד. נאָר דאָס איז גלייך געװאָרען אָבגעװאָרפען צוליעב דעם טעם: קיין אייגענעם הונד האָבען מיר ניט געהאט. װען א פרעמדער גראבט זיך אונטער װאָלט מען עס גלייך בעמערקט. דעריבער האָט זיך גערעדט נאָר װעגען די דריי. פאר א סצור זיינען צוערשט געװען די גרעסטע שאנסען, װייל איין פראגע האָט זיך געשטעלט מיט א זייט אויף װעלכער ס'איז שװער געװען צו געבען איין ענטפער. די פראגע איז געװען געשטעלט אזוי: אויב מיר װעלען זאָגען, אז דא איז א מארדער אָדער א טחור, פארװאָס זשע טשעפען זיי ניט קיין הינער? . . . איז אָבער געקומען א צװייטע פראגע א גאנץ לאָגישע און אבגעשטופּט דער ערשטער: װער האָט עס געזעהן, אז א סצור זאָל קענען איבערטראגען גאנצע אייער? . . .

נפתלי דער מילנער האָט געהאלטען מיט א טחור, װייל איידער די אלטע מיהל איז אָבגעברענט געװאָרען האָבען זיך דאָ אויפגעהאלטען א סך טחור'ן, און זיינען ארום געגאנגען איבער די דעכער װי די קעץ. אָט דעם קאלנער װאָס ער טראָגט אויף'ן פעלצעל איז פון יענע טחור'ן.

מיט א מארדער איז ער ניט איינשטימיג. ערשטענס, איז נאָך דאָ אין מיהל ניט געװען קיין מארדער. און צװייטענס, געפינט זיך א מארדער מעהרסטענטהייל אין װאלד; די אייער נעמט מען צו גאנצערהייד. אויף אזא אופן דארף ער עטליכע מאָל דורך דער נאכט קומען און אװעקגעהן. דאָס גלויבט זיך ניט. און װידער — דאָס איז דער עיקר — װאָלטען דאָך געבליבען שלאדען. דער װינטער איז א שנעע'יגער . . .

די מיינונג האָט ניט געפונען קיין סך אָנהענגער צוליעב אָט דער פריהערדיגער לאָגישער פראגע: װאו האָט איהר געזעהן, א טחור זאָל קענען איבערטראגען א גאנצע איי? . . . דערמיט, װאָס נפתלי טראָגט א טחור'ן קאלנער, איז נאָך ניט געדרונגען אז א טחור זאָל ארייננעהמען איין איי אין מויל . . .

אָבגעשטעלט האָט מען זיך אויף א מארדער. ערשטענס, קען ער איבערטראָגען איין איי. צװייטענס, האָט ער א נאטור, אז װאָס ער קריגט טראָגט ער איבער אין דער נארע. און מ'װיל האָבען, אז ער געפינט זיך טאקע דאָ אין מיהל אונטער דער פאדלאָגע, װייל עס זיינען דאָ מארדערס, װאָס װאוינען אין ישוב. אי איז די קשיה: פאר װאָס ער טשעפּעט ניט קיין הינער? — מן הסתם איז ער ניט הונגעריג. און װידער: װער קען עס גוט זאָגען, אז ער טשעפּעט ניט? געװיס טשעפּעט ער. א פאקט, אז עס פעהלען גאנץ אָפט הינער, — א טחור נעמט ניט צו, א טחור דערשטיקט, טרינקט זיך אָן מיט בלוט און שטעלט אָפּ.

דאָס איז געבליבען דאָס לעצטע װאָרט, װאָס איז געװאָרען אזוי פארמולירט: די אייער נעהמט צו א מארדער גאנצערהייד. געפינען געפינט ער זיך אין מיהל אונטער דער פּאָדלאגע. ער קומט ארויס פון אונטער די רעדער און פערשװינדעט צוריק . . .

דער בעשלוס האָט אלעמען אויפגעלעבט. ביי בעזרוצקין האָבען זיך אָנגעצונדען די אויגען, אין אזעלכע פרעסט איז אזא בחור אודאי װערט א דריי רובל שטיק . . . ער בלייבט נעכטיגען, ער װייס װאו צו קריגען א לאָװאשקע . . .

א „לאװאשקע“ — זאָגט חװעדער — װייס ער נאָר װי צו שטעלען. ער האָט שוין געכאַפּט פוקסען מיט א לאװאשקע, אָט אזעל־

כע גרויסע (ער צונעהמט די הענד, אפשר אויף איין אייל, צו ווייזען ווי גרויס זיי זיינען געווען). ביי גאָט! — ווי ער זאָגט ניט קיין ליגען. ער קען אפילו ווייזען וועמען ער האָט זיי פערקויפט. אהא! . . . . א לאוואושקע דארף מען טאַקע וויסען ווי צו שטעלען. מארדער זיינען אפשר קליגער פון פוקסען. טאָמער האָט מען ניט גוט געשטעלט, איז „פישי פּראָפּאלא", ער וועט שוין ניט קומען.

נו און מישיאק? בעזרוציק וויים ווי מ'גרייט צו מישיאק. מ'וויקעלט עס איין פּריהער אין א שטיקעלע שמאלץ. דערנאָך צוהאקט מען פלייש אויף קאָטלעטען און מ'טהוט עס אריין אין די קאטלעטען, א סך קאטלעטען און מ'צולייגט עס אויף אלע נעסטען.

וואר־זשע וועסטו איהם דערנאָך געפינען? א מינוט בלייבט בעזרוציק אָהן לשון. נאָר ער געפינט זיך באלד. ער וועט איהם — זאָגט ער — נאָכשפּירען, וויסען וואו ער האָט די נאָרע און אויפרייסען די פּאדלאָגע.

האָבען אָבער די איבריגע ארבייטער ניט אזעלכע היציגע קעפּ ווי בעזרוציק. שאַ־שאַ, ניט געברענט! . . . קיין פּאדלאגע רייסט מען ניט. אויף דעם איז דאָ א בעל־הבית און א בעל־הבית לאָזט ניט רייסען קיין פּאדלאגע צוליעב א מארדער . . . און צווייטענס, וועלען די סצורעם צושלעפּען דעם מישיאק און פּארסם'ן די מעהל . . . צום גלייכסטען וואָלט אפשר געווען א לאוואושקע. געהן אָבער ארום אפּולע מיהל מיט הינער און ביז דעם מארדער וועט זיך פּערוועלען אריין געהן אין דער לאַוואושקע וועלען די ערשטע כפרה זיין די הינער . . .

וואס־זשע טהוט מען?

מ'טהוט גאָר ניט. מ'דארף זעהן עס זאָלען ניט בלייבען נעכטיגען קיין אייער.

און די „פּאקלאדען"?

אָט דאָס איז ניט גוט. אויף דעם דארף מען קלערען. און צוועלף מענשען, עלף אידען מיט להבדיל א גוי, און מיר דריי קינדער זיינען געבליבען שטעהן מאדנע אונבעהאָלפען, מ'האָט געקלערט פּלענער ווי צו מלחמה האלטען מיט א ברעקיל חיה'לע, וועלכע קעניגט אזוי אונגעשטערט אין אונזער מיהל. און אין דערזעלבער צייט האָט דאָס ברעקעל חיה'לע מיט די גלאנציג פייערדיגע אויגען ערגיץ פון אונטער די רעדער היטרע ארויסגעקוקט צו אונז און געקלערט:

אומזיסט אייער מיה. איך בין א סך פּאַרזיכטיגער ווי איהר מיינט . . .

פיערטער קאַפּיטעל.

מ'האָט געקלערט און געקלערט און דאָך געפּאלען אויף איין עצה. די עצה איז בעשטאנען אין דעם: מ'זאָל פּאר „פּאקלאדען" וועקלייגען ארויסגעבלאָזענע אייער. דערצו האָב איך זיך גענומען און עס ארויסגעארבייט גאָר קונציג. אָט ווי אזוי: גענומען איין איי, איינגעשטאָכען מיט א נאָדעל אויבען און אונטען, צובאָלטעט און ארויסגעבלאָזען, אָנגעפּילט מיט וואסער פון מויל דורך א דינער שטרייעלע און פערשמירט די לעכלאך פון ביידע זייטען, אזוי, אז קיין לעבעדיג בעשעפעניש האָט עס ניט געקענט דערקענען, אויכער... דעם מארדער.

מערקווירדיג, פון אלע פאלשע אייער האָט איינע ניט געפעהלט. טאָמער האָט מען אָבגעשטעלט א גוטע איי האָט ער זי צוגענומען . . . אָבער די בעזוכען האָבען אָנגעהויבען ווערען זעלטענער. געוויס האָט ער אָנגעשמעקט אז דאָ ארבייטען צופיעל מענשישע הענד, און פאר מענשען דארף מען זיין פּאָרזיכטיגער. קיין גוטס האָבען זיי געוויס ניט געטראכט.

אין א פּאָר וואָכען ארום האָט ער אין גאנצען אויפגעהערט צו קומען. עס איז אונז זעהר וויכטיג געווען דאָס צו וויסען און מיר האָבען אָנגעהויבען אונטערצוואוארפען פלייש. די פלייש האָט געפעהלט. געוויס האָבען דאָס די סצורעם צוגענומען. אָבער די אייער האָט מען מעהר ניט געריהרט . . .

עס האָט אונז ארומגענומען א מאָדנער פּערדרוס און מיר האָבען געהאַט א געפיהל ווי אימיצער, א גרויסער, א קלוגער און א שלעכטער שטעהט איבער אונז קינדער, וויים אלע אונזערע פּלענער און לאכט אונז אויס . . . עס האָט אונז געקרענקט און צוזאמען דערמיט עפּעס געצויגען — מיר האָבען געפיהלט רעספּעקט. ווען ער פאלט ערשט אריין אין אונזערע הענד, וואָס וואָלט איך מיט איהם געטהון? . . . ניין! מיר דאכט, אז איך וואָלט איהם גאָר ניט געטהון. איך וואָלט איהם נאָר גוט בעטראכט, אָבגעלאָזען און א זעץ געטהון מיט'ן פוס: „נא געה! ברעך האלז און געניק! . . ."

מיר זיינען נוטה געווען צו גלויבען, אז ער איז נאָך דאָ. ניט מעהר ער היט זיך. וואָס זשע עסט ער? . . . מיר האָבען געווארט אז ער זאָל אָנהויבען נעהמען הינער. געווארט האָבען אלע, און איך וויים ניט פארוואָס ניט מיט שרעק נאָר מיט נייגיער. דאָס וואָלט אם בעסטען געוויזען צו ער איז נאָך דאָ. און אז ער זאָל נאָך ניט האָבען פערלאָזען די מיהל האָבען אלע געוואָלט . . .

קיין הינער האָבען אָבער ניט געפעהלט. וויינינגסטענס צו בעמערקען איז ניט געווען. מיר האָבען זיך אָנגעשטרענגט צו האָבען זיי אלע אויפ'ן אויג און געמאַכט סימנים. קיין בלוט צייכענס האָט מען אויך ניט געפונען.

— — — — — — — — — — — —

אזוי האָט זיך געענדיגט דער ווינטער און פּארכאַפּט א שטיק אין זומער. דעם יאָהר

זיינען ביי אונז אַרומגעגאַנגען פינף קוואָקעס מיט הינדלעך. צוויי האָבן מיר אַליין געזעצט און דריי האָבן זיך אָבגע'גנב'ט, ערגיץ אָנגעלייגט אייער און אַראָבגעקומען מיט פערטיגע הינדעלעך. אַנטווינט האָבן אַלע כמעט אין איין צייט און צוזאַמען מיט די וואָס די מאַמע האָט אָנגעקויפט אויפ'ן גרויסען „דיכאַטיכע“־יריד, האָבן זיך אַרומגעדרעהט ביי אונז אַ גרויסע מחנה און פול געמאַכט די מיהל.

די זומערדיגע נעכט זיינען קורץ, און ווען די קינדער האַלטען נאָך אין ערשטען שלאָף, וועקט זיך שוין דער יונגער זומערדיגער מאָרגען, און צוזאַמען מיט איהם טראָגט זיך צו אונז אויף די בעטען אין שלאָף אַ מאָדנע ליעב שעפּשען און אַ פּיסצען, אַ גאָרטאַטצען פון מיהל אַרויס: קי־קי־קי! פּעררייסט אַ יונג הענדעל דאָס דינע העלזעלע און פאַרמאַכט די אויגעלעך. קיאַ־קיאַ־קיאַ! — ענטפערט איהם אַ צווייטער. גי־גי־גי! איז גורם אַ דריטער. איינער פרעגט און איינער ענטפערט, און איינער קומט אַריין דעם אַנדער'ן אין די רייד, און איינער רייסט איבער דעם אַנדער'ן ביי סאַמע אנהויב. און פּלוצים האָט מען זיך אויסגעגלייכט . . . און אַלע האָבן עס גענומען איינ'חזר'ן מיט אַ מאָל און צוריק איינציגווייס. אַזוי צאַרט און זאַפטיג, ווי דער יונגער אונשולדיגער מאָרגען אַליין, וועלכען זיי האָבן נאָר וואָס מיט זייער גי־גי־גי און קי־קי־קי אויפגעוועקט . . .

די מאַמע שלאָפט טשודקע. איינמאָל אין דער פריה דערצעהלט זי, אַז ביינאַכט זיינען די הינדלאַך געווען אונרוהיג. „אונרוהיג“, מאַכט מען זיך ניט דערפון. רעכענט מען מן הסתם איז דורכגעפלויגען אַ פלעדערמויז, אַ קאַץ איז געשפּרונגען. אַ מאָל מאַכט זיך אַז אַ הינדעל ווערט אָן דעם גלייך־געוויכט, כאַפּט זי אַרום שטייפער דעם פלאַקען, אויף וועלכען זי זיצט, און גיעט אַ פּאַטש מיט די פליגעל זיך אונטערצוהאַלטען, וועקען זיך אויף די שכנים ביי די זייטען, פון זיי זייערע שכנים, ווערט אַ פּאַטשעריי מיט די פליגעל, מ'בייט איבער די פיס ביז מ'זעצט זיך איין מ'בעהאַלט דאָס קעפּיל אונטער די פליגעל און מ'שלאָפט ווידער.

די צווייטע נאַכט, דערצעהלט נאָך אַמאָל די מאַמע, אַז די הינער זיינען געווען אונרוהיג.

ערשט אויף דער דריטער נאַכט, מיר זיינען נאָר וואָס איינגעשלאָפען, דערהערט זיך פּלוצים אַ פערצווייפעלט געשריי פון אַ יונג הינדעל, אַ רוף צו הילף: גאַי־גאַי־גאַי! . . . ניט טויט ניט לעבעדיג זיינען מיר אַראָפּגעשפּרונגען פון די בעטען און האַסטיג געגעבען איין עפען אויף די טהיר, וואָס האָט געפיהרט פון שטוב אין מיהל אַריין. און ווי מיר האָבן נאָר געעפענט די טהיר, איז מיט אַמאָל דער געשריי געוואָרען איבערגעריסען, עס האָט אונז עפּיס ווייסעס אַ שווינדעל געטהון פאַר די אויגען, איבער אונזערע קעפּ האָט זיך פון דער שאַפּע אַ וויים הענדעל אַ טראָג געטהון אין שטוב אַריין צו דער ליכט, און פון דער צווייטער זייט שאַפּע איז האַסטיג אַראָבגעשפּרונגען אַ קליין חיה'לע, אַ געלס, ווי אַ גרויסע געלע קאַץ, אויף ניעדעריגע פיסעלעך און האָט זיך געלאָזען לויפען צו די רעדער דאָרט וואו עס ענדיגט זיך די פּאַדלאַגע. נאָר קומענדיג צו די רעדער האָט זי זיך אָבגעשטעלט, זיך אומגעדרעהט און אַ קוק געטהון אויף אונז מיט צוויי רויט גרינע פלעמלאַך . . . אַ היבשע ווילע האָבן מיר זיך אַזוי אָנגעקוקט, איך אין די אונטער־וועש אין איין האַנד דאָס לעמפּעל און מיט דער צווייטער האַנד די טהיר ווי אַ „סציט“, מיט וועלכער איך בין גרייט געווען יעדער מינוט געבען אַ קלאַפּ צו און בלייבען פון דער זייט, אַ ביסעל מעהר זיכער . . . און די חיה'לע גאַנץ רוהיג אָהן אַ פונק שרעק מיט נייגיער און פערוואונדערונג. איך ווייס ניט וועמען פון אונז ביידען האָט עס מעהר פערוואונדערט . . .

אַ סוף צו דער שטומער סצענע האָט אַוועקגעלייגט די קליינע חיה'לע. זי האָט זיך פּראָסט געגעבען אַ דרעה אום צו מיר מיט דער ניט אנשטענדיגער זייט און איז פערשוואונדען.

מיר זיינען שוין צוריק געווען אונטער די איבערדעקען און האָבן זיך אַלץ ניט בערוהיגט. איך בין מאָדנע צופריעדען געווען וואָס איך האָב זי געזעהן, געווען אויפגערעגט, און האָב לאַנג ניט געקענט איינשלאָפען. פון מיהל האָט זיך ביז'ן גרויסען טאָג געטראַגען אַ צושראָקען גאָרגאָטצען, דורכגעוואָרפען מיט אַ ווילדען געשריי פון אַ וועלכען עס איז הענדעל. זיי האָבן זיך אַלץ ניט געקענט איינזעצען . . . און דער וואָס האָט אַליין מיט זיינע אויגען געזעהן דעם טויט האָט אַ בלינדער איבער'ן שטוב אַרומגעבלאָנזעט מיט בלינדע־אָפענע אויגען און אַ בלינד־נאַכטיג גאַרגאַטצען, און האָט געהאַט אַן אויסזעהן אין דער נאַכט ווי פון אַ צווייטער וועלט, ווי אַלץ וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען וואָלט געווען ניט אויף וואָהר נאָר אין חלום . . .

די פראַגע, פאַרוואָס די הינדלאַך זיינען די לעצטע צייט געווען אונרוהיג, איז פערענטפערט געוואָרען. און ווייטער? — ווייטער גאָר ניט! מעהר האָט מען זי ניט געזעהן. פאַר מיר איז עס געווען גאַנץ נאַטירליך. ביי אונזער באַגעגענעש האָבן די רויט־גרינע פלעמלאַך אַזוי היטרע געגלאַנצט, ווי איינער זאָגט: פּעטער'ל, אונזערע ברידער נאַרט מען ניט אַריין אַזוי לייכט . . .

דר. ל. לעווין

ענגלאַנד און דייטשלאַנד

די עקאָנאָמישע אורזאַכען פון דער מלחמה.

דער פיערטער אויגוסט, דער טאָג ווען ענגלאַנד האָט אָפיציעל ערקלערט קריעג געגען דייטש־לאַנד, וועט פערבלייבען איי־נער פון די שרעקליכסטע טעג אין דער גרויסער טראַ־געדיע, וועלכע שפּיעלט זיך איצט אָב אויף דער היסטאָ־רישער סצענע פון אייראָפּאַ. ענגלאַנד האָט מיט איהר קריעגס־ערקלערונג פערוואַנדעלט די מלחמה ניט נור אין אן אַלגעמיין־אייראָפּעאישע, נור אין אן אַלוועלטליכע סיי אויף דער יבשה, סיי אויפ׳ן ים. ענגלאַנד׳ס שווערד איז געפאַ־לען מיט דער גרעסטער שווערקייט אויף די וואָגשאָלען, אויף וועלכע עס הענגט איצט דאָס לעבען און מאכט פון דייטשלאַנד, און די קראַפט און שאַרפקייט פון די געפיהלען, וועל־כע די מלחמה האָט ערוועקט אין ביידע קעמפפענדע צדדים, איז מיט א מאָל געשטיגען ביז אויף דער העכסטער שטופע.

ווען מען זאָל גלויבען ענגלאַנד אויפ׳ן וואָרט, האָט זי זיך ארייננעמישט אין דעם איצטיגען קאַמפף בלויז אויס ערהאַבענע מאָ־טיווען. די ענגלישע דיפּלאָמאַטען האָבען ניט געקענט פערטראָגען, וואָס דייטשלאַנד האָט ניט געהאַלטען איהר אָבמאַך, און געבראָכען די נייטראַליטעט פון בעלגיען.

דיזע אָפיציעלע ערקלערונג האָט געמוזט ארויסרופען א שמייכעל ביי אַלעמען, וועלכע זיינען בעקאַנט מיט ענגלאַנד׳ס אויסלענדישער פּאָליטיק און פּאָליטישע מעטאָדען. אין אַלגע־מיין, זיינען אַלע פעלקער ניט איבריגענס ריין און אויפריכטיג אין זייערע אינטערנאַציאָנאַלע פערהאַנדלונגען, אָבער ענגלאַנד האָט זיך בעזאָנ־דערס ערוואָרבען א שם רע פאַר איהר אונ־עהרליכקייט אין דיזער הינזיכט. ענגלאַנד האָט ניט איין מאָל פערלאָזען איהרע בונדס־גענאָ־סען און געבראָכען איהר וואָרט, ווען נור עס האָט זיך איהר געלוינט. אויך אין דעם איצ־טיגען פאַל האָבען פיעלע ערוואַרטעט, אז ענג־לאַנד וועט זיך ניט שטאַרק אויפרעגען צוליעב איהרע פריינדע — פראַנקרייך און רוסלאַנד. די שנעלקייט, מיט וועלכע ענגלאַנד האָט דאָס מאָל געהאַנדעלט, האָט ווירקליך איבערראַשט די וועלט. אָבער ענגלאַנד האָט אזוי געהאַנ־דעלט ניט ווייל איהר אינטערנאַציאָנאַלער מאָ־ראַלישער געפיהל איז געוואָרען עדעלער. די אורזאַכע איז א פיעל טיעפערע און א פיעל פּראָסטערע.

צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד הערשט שוין זייט פיעלע יאָהרען א שטאַרקע שנאה, וועלכע עס איז ביז איצט געלונגען, מעהר אָדער וועניגער, איינצוהאַלטען. אייניגע מאָל פריהער איז עס שוין אויך שיעור ניט געקומען צו א מלחמה. איצט אָבער האָט דיזער לאַנג איינ־געהאַלטענער האַס זיך אָפען ארויסגעריסען און געבראַכט צו ענגלאַנד׳ס קריעגס־ערקלערונג געגען דייטשלאַנד. דער ענטהוזיאַזם, וואָס די מלחמה האָט ארויסגערופען אין געוויסע קרייזען פון ענגלאַנד, און די שטאַרקע אַנטי־ענגלישע געפיהלען אין דייטשלאַנד צייגען, אז עס האַנ־דעלט זיך דאָ ניט וועגען אן אינטערנאַציאָנאַ־לען אָבמאַך, נור וועגען עטוואָס, וואָס איז שטאַרק נוגע ביידע פעלקער. אין דער ווירקליכקייט, ווייסען, סיי די דייטשען, סיי די ענגלענדער, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, און זאָגען אָפען דעם אמת אַרויס.

דער סכסוך צווישען די צוויי פעלקער איז אַן עקאָנאָמישער. זיינע וואָרצלען ליגען טיעף אין דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון די ביי־דע לענדער. מען מוז זיך וועגען דעם קלאָהר מאַכען, אויב מען וויל האָבען א ריכטיגען בע־גריף וועגען דער ראָלע, וועלכע ענגלאַנד און דייטשלאַנד שפּיעלען אין דער איצטיגער מלחמה.

2.

ענגלאַנד, ווי בעקאַנט, איז דאָס וויעגעלע פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. שוין אין דער צווייטער העלפטע פון דעם אַכטצעהנטען יאָהר־הונדערט האָבען זיך אָנגעהויבען אין ענגלאַנד יענע גרויסע ענדערונגען אין דער טעכניק און אין די עקאָנאָמישע בעציהונגען, וועלכע האָבען זי פערוואַנדעלט פון אן אַגריקולטורעלעס לאַנד אין א הויך־ענטוויקעלטען אינדוסטריעלען שטאַאַט. אַלץ א קלענערער טהייל פון דער בעפעלקערונג איז פערבליבען אויפ׳ן לאַנד און האָט זיך פערנומען מיט ערד־אַרבייט און אַלץ א גרעסערער טהייל פון דער בעפעלקערונג האָט זיך בעזעצט אין די גרויסע שטעדט און זיך פערנומען מיט אינדוסטריע און האַנדעל. אין 1801 איז די בעפעלקערונג פון ענגלאַנד און

וויילס (ניט רעכענענדיג אירלענד און סקאָטלענד) געווען 8.892.536 פּערזאָנען; אין 1851 איז דיזע צאָהל שוין געשטיגען אויף 17.927.609 ד. ה. אויף מעהר ווי צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי אין 1801; אין 1871 איז די צאָהל געשטיגען אויף 22.912.266 און אין 1901 אויף 32.527.843, ד. ה. כמעט פיער מאָל אַזוי פיעל ווי אין אָנפאַנג פון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. צו דער זעלבער צייט אָבער איז די צאָהל פון ערד־אַרבייטער שטאַרק געפאַלען. אין 1811 האָבען פינף־און־דרייסיג פון יעדע הונדערט פאַמיליען זיך פערנומען מיט ערד־אַרבייט; אין 1851 האָבען שוין נור זעקס און צוואַנציג פון יעדע הונדערט פאַמיליען בעאַרבייט די ערד; אין 1871 זיינען שוין נור אַרום אַכטצעהן פּראָצענט פון דער אַרבייטס־פעהיגער בעפעלקערונג געווען ערד־אַרבייטער און אין 1901 — נור צעהן פּראָצענט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען, איז עס געוואָרען אונמעגליך פאַר ענגלאַנד צו פּראָדוצירען די נויטיגע שפּייז־שטאָפען פאַר איהר וואַקסענדער בעפעלקערונג. די אַלע תבואות, וועלכע זי פלעגט אמאָל אַליין זייען און שניידען, האָט זי איצט געמוזט אַריינפיהרען פון אַזעלכע לענדער, ווי רוסלאַנד, אינדיען, אַמעריקאַ און אַנדערע. פאַר די אימפּאָרטירטע אַרטיקלען האָט זי געמוזט צאָהלען מיט די פּראָדוקטען פון איהר אינדוסטריע, אין וועלכע די אַנדערע לענדער האָבען זיך גענויטיגט, ווי שטיין־קוילען, אייזען, מאַשינען, אַלערליי קאַטען און וואָלענע שטאָפען און אַז. וו. צווישען ענגלאַנד און די אַנדערע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט איז אויסגעוואַקסען אַן אונגעהייער גרויסער האַנדעלס־פערקעהר, וועלכער איז געשטיגען פון יאָהר צו יאָהר. אין יאָהר 1850 האָט דער ווערטה פון אַלע ענגלישע אימפּאָרטס און עקספּאָרטס בעטראָפען העכער א ביליאָן דאָלער; אין 1870 האָבען זיי בעטראָפען אַן ערך פון דריי ביליאָן דאָלער; אין 1890 אַן ערך פון פיער ביליאָן דאָלער. צו בעפריעדיגען די בעדערפניסע פון דעם גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען פערקעהר, האָט ענגלאַנד געשאַפען א גרויסע און מעכטיגע האַנדעלס־פלאָטע, וועלכע איז אויך געוואָרען א קוואַל פון פּראָפיטען. און כדי צו פערזיכערען זיך מיט מערק, וואו זי זאָל קענען קריגען איהרע רויע שטאָפען און וואו זי זאָל קענען פערקויפען איהרע אינדוסטריעלע פּראָדוקטען, האָט ענגלאַנד אויפגעבויט א קאָלאָסאַלע קאָלאָניאַלע אימפּעריע, וועלכע האָט ניט קיין גלייכען אין דער געשיכטע. גאַנצע קאָנטינענטען, ווי אויסטראַליען, און גרויסע רייכע לענדער אין אַפריקאַ, אַזיען און אַמעריקאַ, זיינען פערכאַפּט געוואָרען פון ענגלאַנד, און הונדערטער טויזענדער ענגלענדער האָבען עמיגרירט אין דיזע קאָלאָניען און האָבען אויפגעבויט אַן ענגלישפּרעכענדע וועלט „פון יענער זייט ים“, וועלכע האָט בייגעשטייערט צו דער גרויסקייט און מאַכט פון ענגלאַנד.

די צוואַנציג יאָהר פון 1854 ביז 1874 זיינען געווען די גלענצענדסטע פּעריאָדע אין דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון ענגלאַנד. די בעפעלקערונג איז שנעל געוואַקסען און האָט זיך אויפגעהויבען אַליין אויף א העכערער מדרגה פון וואָהלזיין. ספּעציעל אָבער זיינען געוואַקסען די פּראָפיטען פון יענע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען אינוועסטעט זייערע קאַפּיטאַלען אין פרעמדע לענדער און אָנגעפיהרט דעם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל. און זייערע וואָרט־פיהרער האָבען געלויבט אין הימעל אַריין די „גרויסע עקאָנאָמישע פּרינציפּען“, וועלכע האָבען בעררייכערט ענגלאַנד. לויט זייער מיינונג, איז ענגלאַנד בעשטימט געוואָרען צו זיין דאָס אינדוסטריעלע לאַנד פון דער וועלט, די הערשערין איבער'ן ים, פון וועלכער די אַנדערע פעלקער מוזען זיין אָבהענגיג אינדוסטריעל און קאָמערציעל. זיי האָט זיך גאָר ניט געחלומ'ט, אַז אַנדערע פעלקער וועלען אויפשטעהן און שטרעבען צו פערנעהמען ענגלאַנד'ס פּלאַץ אויף דעם וועלט־מאַרק.

דאָס איז אָבער געשעהן. אַן אינדוסטריעלער ריעז, מיט דער גרויסער שטרעבונג איבערצושטייגען ענגלאַנד, איז געבאָרען געוואָרען אין 1871, ווען די עטליכע און דרייסיג דייטשע מלוכות האָבען זיך פעראייניגט אין דער דייטשער אימפּעריע אונטער דער פיהרערשאַפט פון פּרייסען.

.3

ווען ביסמאַרק האָט דורכגעפיהרט אין ווערסייל זיין לאַנג־יעהריגען פּלאַן און האָט אָנגעטהאָן אויפ'ן קאָפּ פון דעם פּרייסישען קעניג די קרוין פון דעם דייטשען קייזער, איז דייטשלאַנד עקאָנאָמיש געווען אין דערזעלבער לאַגע, אין וועלכער ענגלאַנד איז געווען מיט העכער הונדערט יאָהר צוריק. דער גרעסטער טהייל פון די 41.000.000 דייטשע איינוואוינער האָבען דאַמאָלס געוואוינט אין די דערפער און זיך בעשעפטיגט מיט ערד־אַרבייט. די אינדוסטריען זיינען געווען קליין. דאָס איז נאָך געווען הויפּטזעכליך האַנדווערק. דעם גרעסטען טהייל פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטען, ווי מאַשינען, ווערקצייג, טעקסטיל שטאָפען, האָט מען אַריינגעפיהרט פון אויסלאַנד, מייסטענטהיילס פון ענגלאַנד, ביי וועמען דייטשלאַנד איז געווען איינער פון די בעסטע קאָסטאָמערס.

אָבער באַלד נאָך 1871 האָט זיך די לאַגע אָנגעהויבען ענדערן. מיט'ן ביליאָן דאָלאַר, וואָס פראַנקרייך האָט בעצאָהלט דייטשלאַנד אַלס קאָנטריבוציע, האָבען זיך די דייטשע קאַפּיטאַליסטען א לאָז געטהאָן אויפ'ן וועג פון אינדוסטריע און האַנדעל מיט אַן ענטוזיאַזם און

געשיקטקייט, וועלכע האָט איבערראַשט די וועלט. אין פערלויף פון די ערשטע פינף יאָהר (1874־1870) זיינען געגרינדעט געוואָרען אין דייטשלאַנד אן ערך פון ניין הונדערט קאָרפּאָריישאָנס מיט א קאַפּיטאַל פון אכט הונדערט מיליאָן דאלאר, און די ענטוויקלונג איז אָנגעגאַנגען ווייטער, ניט אכטענדיג אויף איניגע קריזיס־יאָהרען. אַלע מינים פון דער אינדוסטריע זיינען איינגעפלאַנצט געוואָרען אין דעם „פאטערלאַנד", אָבער בעזאָנדערס ריעזיג האָבען זיך ענטוויקעלט די פּראָדוקציאָן פון קוילען, אייזען און שטאָהל, די מאַשינען, די כעמישע, עלעקטרישע און פּאַפּיער־אינדוסטריען. די צוזאַמענשטעלונג פון דער בעפעלקערונג האָט זיך נויטווענדיגערווייזע געענדערט. אין 1882 האָבען נאָך אן ערך פון צוויי־און־פערציג פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג געצויגען זייער יניקה פון אגריקולטור; אין 1895 שוין ניט מעהר ווי פינף־און־דרייסיג און אין 1910 אונגעפעהר אכט־און־צוואַנציג פּראָצ. די בעפעלקערונג איז געוואַקסען פון אן ערך 45.000.000 אין 1880 אויף העכער 64.000.000 אין 1910. צו דערזעלבער צייט אָבער איז די צאָהל פון די, וועלכע לעבען פון לאַנד־ארבייט געפאַלען פון עטוואָס העכער 19.000.000 אויף 17.600.000. ד. ה., אז די בעדייטונג פון אגריקולטור און לעבען פון לאַנד איז געוואָרען אַלץ קלענער, און דאָס די וואַקסענדע בעפעלקערונג איז געוואָרען אַלץ מעהר אָבהענגיג פון אינדוסטריע און האַנדעל. אין 1882 זיינען פון דער דייטשער אינדוסטריע געווען אָבהענגיג איבער 16 מיליאָן פּערזאָנען; אין 1895 איז דיזע צאָהל געשטיגען אויף 20.253.241 און אין 1907 — אויף 26.386.537. די צאָהל פון די, וועלכע האָבען זיך ערנעהרט דורך האַנדעל און טראַנספּאָרט, איז געוואַקסען פון 4.531.080 אין 1882 אויף 8.278.239 אין 1907.

די פאָלגען פון דיזער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג זיינען געווען דיזעלבע, ווי אין ענגלאַנד. די אגריקולטור האָט ניט געקענט ערנעהרען די וואַקסענדע בעפעלקערונג. רויהע שטאָפען פאַר דער אינדוסטריע האָבען געמוזט אימפּאָרטירט ווערען אין אַלץ א גרעסערער צאָהל. נויטווענדיגערווייזע האָט מען געמוזט זוכען וועגען ווי צו פערגרעסערען דעם עקספּאָרט פון די אינדוסטריעלע פּראָדוקטען, וועלכע דייטשלאַנד האָט איצט פּראָדוצירט אין גרויסע מאַסען. עס איז געקומען אויך דייטשלאַנד'ס צייט צו זוכען אויסלענדישע מערק פאַר איהרע סחורות. דער ערפאָלג איז געווען אונצווייפעלהאַפט. אין צאָהל און אין ווערטה זיינען דייטשלאַנד'ס עקספּאָרטען געשטיגען פון יאָהר צו יאָהר. אין 1880 האָט דער אויסלענדישער האַנדעל פון דייטשלאַנד בעטראָפען אן ערך פון אנדערהאַלבען מיליאָן דאָלאַר; אין 1910 איז ער שוין געווען קאַרגע פיער ביליאָן דאָלאַר.

געוועהנליך, האָט דייטשלאַנד געזוכט צו פערקויפען איהרע סחורות וואו נור מעגליך: אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, אין זיד־אמעריקא, אין רוסלאַנד, אונגאַרן, אין אפריקא, אין אזיען. אָבער איבעראַל האָט זי געפונען א קאָנקורענט, וועלכער איז שוין לאַנג געווען אויפ'ן פּלאַץ מיט זיינע סחורות — ענגלאַנד. צום ערשטען האָט דייטשלאַנד געפרובט נאָכמאַכען ענגלישע סחורות און זיי פערקויפען ביליגער, דערנאָך האָט זי אָנגעפאַנגען פּראָדוצירען איהרע אייגענע דעזיינס, און קאָנקורירען מיט ענגלאַנד ניט נור אין פּרייז, נור אויך אין קוואַליטעט. אָבער אין דיזען געיאָג נאָך מערק, האָט ענגלאַנד געהאַט גרויסע פּאָרטהיילע: זי האָט געהאַט א גרויסע פלאָטע און איהרע אייגענע קאָלאָניעס. דייטשלאַנד האָט זיך געפיהלט געצוואונגען צו ערווערבען דאָסזעלבע. אין 1885 האָט ביסמארק דורכגעפיהרט א געזעץ, לויט וועלכען די רעגירונג האָט זיך פערפליכטעט צו אונטערשטיצען געוויסע דייטשע שיף־קאָמפּאַניעס, אז זיי זאָלען בויען דייטשע שיפען. אין עטליכע יאָהר שפּעטער האָט דייטשלאַנד אָנגעפאַנגען אויך אן אגרעסיווע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. זי האָט פערכאַפּט גרויסע שטרעקען לאַנד אין אפריקא און מעהרערע אינזלען אויף דעם פּאַסיפישען ים. דורך פערשיעדענע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, האָט זי זיך אריינגעכאַפּט אין כינא. זי איז געוואָרען פריינדליך מיט דעם טערקישען סולטאַן און האָט אויסגעווירקט ביי איהם קאָנצעסיאָנען פאַר די דייטשע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען זיך שנעל בענוצט מיט דיזע פּריווילעגיען. די דייטשע רעגירונג איז געגאַנגען אין דיזער הינזיכט האַנד אין האַנד מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטען און האָט זיי פערלייכטערט דעם וועג פון עקאָנאָמישע עראָבערונגען. די דייטשע קאַפּיטאַליסטען ווידער האָבען אָנגעווענדעט העכסט סיסטעמאַטישע מעטאָדען אין זייער טהעטיגקייט. זיי האָבען זיך פעראייניגט אין ספּעציעלע קאָלאָניאַל־געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט דעם צוועק צו פערשפּרייטען דעם פעלד פון דייטשען עקאָנאָמישען איינפלוס. זיי האָבען פּאָרבערייטעט יונגע לייט, וואָס זאָלען קענען מיט דער צייט רעפּרעזענטירען די דייטשע עקאָנאָמישע אינטערעסען איבעראַל. זיי האָבען אויפגעבויט גרויסע בענק און קאָמערציעלע פירמען אין אזיען און אפריקא, אין זיד־אמעריקא און אויסטראַליען, כדי צו האָבען נאָהענטערע בעציהונגען מיט דער אָרטיגער אינדוסטריעלער וועלט. מיט איין וואָרט, דער דייטשער קאַפּיטאַל און די דייטשע רעגירונג האָבען ניט געשפּאָרט קיין טרחא אין דעם פערזוך אויפצובויען א וועלט־האַנדעל און א וועלט־מאַרק פאַר זיך, און זיי האָבען איבערשטיגען אַלע אנדערע פעלקער אין

דער פּינקטליכקייט, אויסגערעכענטקייט, סיסטעם און אויסדויער פון זייערע מעטאָדען.

עס איז אמת, אַז די קאָלאָניאַלע אונטערנעהמונגען פון דייטשלאַנד האָבען ניט געהאַט קיין גרויסען ערפאָלג ביז איצט. דייטשלאַנד האָט ניט געהאַט קיין ערפאַהרונג, דערצו נאָך זיינען שוין אַלע בעסטע קאָלאָניעס פערכאַפּט געווען, און איהר איז ניט געלונגען אויפצובויען אַזאַ קאָלאָניאַלע אימפּעריע, ווי ענגלאַנד. אָבער אין אַנדערע הינזיכטען איז איהר ערפאָלג געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט ארויסגערופען א שטאַרקע קנאה אין ענגלאַנד. ערשטענס, איז דייטשלאַנד'ס האַנדעלס־פלאָטע געוואַקסען אין גרויס און בעדייטונג פון יאָהר צו יאָהר, און דייטשע שיפען האָבען בעקומען אַלץ א גרעסערען חלק פון דעם וועלט־האַנדעל. צווייטענס, האָבען די דייטשע אינדוסטריעלע פּראָדוקטען זיך ערוואָרבען אַזאַ גוטען נאָמען, אַז זיי האָבען אַרויסגעטריבען פון מאַרק ענגלישע סחורות. דייטשלאַנד האָט ניט נור געשאַפען פאר זיך אַ מאַרק אין זיד־אמעריקא, רוסלאַנד בעלגיען און ז. וו., נור זאָגאר אין ענגלאַנד און אין די ענגלישע קאָלאָניען זיינען איהרע סחורות געוואָרען גאַנגבארע ארטיקלען. אין דער פּעריאָדע פון 1890 ביז 1910 איז דער איינפיהר פון דייטשע פּראדוקטען אין די ענגלישע קאָלאָניען געוואַקסען פון איינס אויף צעהן פּראצענט, בעת דער איינפיהר פון ענגלישע פּראָדוקטען איז געפאַלען פון פיער־און־פופציג אויף צוויי־און־פערציג פּראָצענט.

.4

די דאָזיגע ענטוויקלונג פון דייטשלאַנד'ס אינדוסטריען און וועלט־האַנדעל האָבען פון אנפאַנג אָן צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון ענגלאַנד. שוין באַלד נאָך 1890 האָבען ענגלישע עקאָנאָמיסטען און פּאָליטיקער אָנגעהויבען רעדען און שרייבען וועגען דער קאָנקורענץ פון דייטשלאַנד. ענגלישע קאָנסולען אין אַלע טהיילען פון דער וועלט האָבען אָנגעהויבען אַריינשיקען צו דער ענגלישער רעגיערונג פּעסימיסטישע רעפּאָרטס, אין וועלכע זיי האָבען אָפען אָנגעוויזען אויף דער טהעטיגקייט פון די דייטשע פירמען און האָבען אויסגעדריקט זייער אנגסט פאר דער עקאָנאָמישער צוקונפט פון ענגלאַנד. די ענגלישע צייטונגען האָבען געדרוקט פּאָפּולערע אַרטיקלען, כדי צו ערוועקען אין דעם לעזענדען פּובליקום די אידעע פון א „דייטשער געפאַהר“. אין 1896 האָבען דיעזע אידעען געפונען אַ העכסט דראמאטישען אויסדרוק אין א ביכעל פון איינעם וויליאמס, וועלכעס איז ערשיענען אונטער דעם נאָמען „געמאַכט אין דייטשלאנד“ *Made in Germany* אין דיעזען ביכעל האָט וויליאמס צוזאמענגעקליבען אַלע פאַקטען וועגען דער ענטוויקלונג פון דער דייטשער אינדוסטריע און האַנדעל און זיך בעזאָנדערס אָבגעשטעלט אויף דער שאַרפער קאָנקורענץ, וועלכע די דייטשען פיהרען אָן געגען די ענגלישע ביזנעס־לייט. ער האָט געווארענט ענגלאנד, אַז דער ארטיקעל אויף וועלכען עס שטעהט דער שטעמפּעל *Made in Germany* וועט אין גיכען אַרויסשטופּען איבעראַל דעם ענגלישען ארטיקעל, און דאָס ענגלאנד וועט אין גאנצען רואינירט ווערען דורך דער קאָנקורענץ פון דייטשלאַנד, אויב זי וועט ניט אָבשאַפען דעם פּרינציפּ פון פרייען האַנדעל און איינפיהרען אַ סיסטעם פון פּראָטעקציאָן. מיט איניגע יאָהרען שפּעטער האָט זיך דער בעריהמטער טשעמבערליין בענוצט מיט עהנליכע ארגומענטען אין זיין קאמפּיין פאר'ן פּראָטעקציאָניזם.

דיעזע דיסקוסיאָנען האָבען געפונען אַן אבקלאַנג אין די טעגליכע צייטונגען און אויפגערודערט גאַנץ ענגלאַנד. זיי האָבען אַרויסגערופען בייזע געפיהלען צווישען דייטשלאַנד און ענגלאנד. אין ענגלאנד האָט מען זיך פאָרגעשטעלט דייטשלאַנד אַלס אַ געפעהרליכען קאָנקורענט, וועלכער וויל ארויסרייסען דעם ביסען פון ענגלאַנד'ס מויל, פערכאַפּען ענגלאַנד'ס מערק און רואינירען איהר האַנדעל, פון וועלכען עס הענגט אָב איהר וואָהלזיין. אין דייטשלאנד ווידער האָט מען בעשולדיגט ענגלאַנד, אַז זי וויל מאנאפּאַליזירען די וועלט, אַז זי פערגינט ניט קיין אַנדער פאָלק זיין ערפאָלג, אַז זי וויל בעזאָנדערס פערהאַלטען די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דייטשלאנד. די קנאה און שנאה צווישען די צוויי לענדער האָט צום ערשטען מאָל געפונען אן אָפענעם אויסדרוק אין דער צייט פון מלחמה צווישען ענגלאנד און די בורען. די דייטשע צייטונגען און די מאַסען האָבען אויסגעדריקט סימפּאטיע מיט די בורען און האָבען מיט אַלערליי מיטלען געזוכט צו דיסקרעדיטירען ענגלאנד. די בעציהונגען צווישען די צוויי פעלקער זיינען דאַן געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז עס האָט געהאַלטען ניט ווייט פון אַ מלחמה צווישען זיי. אין די לעצטע צעהן יאָהר האָט זיך די לאגע ניט פיעל געענדערט. אָבוואָהל עס איז אויסגעוואַקסען אין ביידע לענדער אַ שטאַרקער געפיהל געגען מלחמה אין אַלגעמיין, דאָך האָבען די צייטונגען אין ביידע לענדער געהאַט ערפאָלג אין זייער געגענזייטיגער אויפרייצענדער פּראָפּאגאנדא. גרויסע מאַסען אין ביידע לענדער האָבען ניט פערלאָרען זייערע בייזע געפיהלען איינע געגען די אַנדערע, און פון צייט צו צייט האָט מען געקענט פיהלען פּולווער אין דער לופט פון אייראָפּא. די איצטיגע מלחמה צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד איז דער ענדליכער אויסברוך פון האַס און מיספערשטענדניסע, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען אין פערלויף פון לאַנגע יאָהרען.

.5

עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז גרויסע מאַסען סיי אין ענגלאַנד, סיי אין דייטשלאַנד זיינען איצט פול מיט פּאַטריאָטישען פייער און זיינען בערייט צו שלאָגען זיך ביז'ן לעצטען טראָפּפען בלוט פאַר זייער „פאַטערלאַנד". אָבער וואָלטען די מאַסען געדענקט קלאָהר, וואָלטען זיי בעסער פערשטאַנען זייער לאַגע און בעסער אָרגאַניזירט געווען, דאַן וואָלטען זיי אויפגע־הויבען אַ מעכטיגע שטימע געגען מלחמות בכלל און געגען דיעזער מלחמה בפרט. זיי וואָלטען איינגעזעהען, אַז זיי דאַרפען ניט פערגיסען זייער בלוט אין די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל און פּראָפיט, אַז זיי דאַרפען ניט וויסען פון אַ פּאַטריאָטיזם וואָס האַלט זיך אויף רויבעריי און עקספּלואַטאַציע.

דאָס זיינען ניט גלאַט פּראַזען. נור פּשוט'ע פאַקטען, וועלכע די מלחמה האָט געמאַכט בעזאָנדערס בולט. די קאָנקורענץ צווישען ענגלאַנד איז ניט אַ קאָנקורענץ צווישען אַרבייטענדע מאַסען, עס איז אַ געשלעג צווישען קאַפּיטאַליסטען. זאָגאַר צווישען די קאַפּיטאַליסטען פון ביידע לענדער מוז מען מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען פערשיעדענע פאָרמען פון קאַפּיטאַל, וועלכע זיינען פעראינטערעסירט אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק אין אַ פערשיעדענער מאָס. דער גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס זוכט קאָנצעסיעס אין די עקאָנאָמיש אונענטוויקעלטע לענדער, וואָס זוכט צו פערכאַפּען אין זיינע הענד די נאַטורעלע רייכטהימער, די פינאַנצען און די אייזענבאַהנען אין זיינע לענדער — דיעזער גרויס־קאַפּיטאַל איז דער הויפּט טהוער אין דער אגרעסיווער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פון די לעצטע יאָהרען. ער איז דער הויפּט שולדיגער אין דער איצטיגער מלחמה. דיעזער גרויס־קאַפּיטאַל יאָגט זיך נאָך גרויסע פּראָפיטען. ער איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער ערשטער קאַפּיטאַליסטישער פּעריאָדע, ווען מענשען האָבען צוזאַמענגעקליבען פאַבעלהאַפטע רייכטהימער אויף דעם שנעלסטען אופן. מיר האָבען איצט אַ ביישפּיעל פון דיעזען קאַפּיטאַל אין אמעריקא אין דעם „סטענדערד אָיל", וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין כינא און אַנדערע עקאָנאָמיש־נייע לענדער צו מאַכען געלד. אין אַמעריקא איז דיעזער מין קאַפּיטאַל נאָך וועניג ענטוויקעלט. דאָ האָט מען ביז מיט אַ קורצע צייט צוריק געקענט מאַכען אונגעהייערע פּראָפיטען אין לאַנד גופא, און מען האָט זיך ניט געדאַרפט יאָגען אין אַנדערע לענדער. אָבער אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד איז אַ בעדייטענדער פּראָצענט פון דעם נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל פון דיעזען אַוואַנטוריסטישען מין, וועלכער לעבט פון דער עקספּלואַטאַציע פון הינטערשטעליגע לענדער און פעלקער און וועלכער נויטיגט זיך אין קאַנאָנען און פלאָטען פאַר זיינע צוועקען. דיעזער קאַפּיטאַל איז בעזאָנדערס „פּאַטריאָטיש", און איז דער פאַטער פון אַזעלכע אימפּעריאַליסטישע אידעען, ווי פּאַנגערמאַניזם. ער איז אויך גאַנץ גלייכגילטיג צום לעבען און וואָהלשטאַנד פון די מאַסען, ווייל ער ציהט זיינע פּראָפיטען פון אויסלאַנד. ער נעהמט זיך ניט שטאַרק צום האַרצען, אויב די מאַסען פערגיסען זייער בלוט אין מלחמה און אויב דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון פאָלק פאַלט אויף אַ ניעדריגער שטופע. דיעזער קאַפּיטאַל איז דעריבער אימער בערייט אַרויסצורופען אַ מלחמה, ווען עס איז אין זיינע אינטערעסען.

דאָך, דיעזער קאַפּיטאַל איז אַ קלענערער טהייל פון דעם נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין ענגלאַנד. דער גרעסערער טהייל פון קאַפּיטאַל ליעגט דוקא אין די היימישע אינדוסטריען, וועלכע פּראָדוציערען פאַר דעם היימישען ווי אויך פאַר דעם אויסלענדישען מאַרק. דיעזער קאַפּיטאַל האָט אַ סך צו פערליערען פון מלחמות. זיינע פּראָפיטען הענגען אָפּ פון וואָהלשטאַנד פון די פעלקער. און יעדע עקאָנאָמישע צערשטערונג איז פאַר איהם אַן אונגליק. צווישען דייטשלאַנד און ענגלאַנד צ. ב. געהט אָן געוועהנליך אַ גרויסער האַנדעלספערקעהר, וועלכער איז איצט אין גאַנצען אָבגעשטעלט געוואָרען. אויך פראַנקרייך, בעלגיען, רוסלאַנד זיינען דייטשלאַנד'ס קאָסטאָמער, און פיעלע דייטשע אינדוסטריען וועלען ליידען פון דער איצטיגער מלחמה. מיר מוזען אָבער בעמערקען, אַז אויך דיעזער קאַפּיטאַל, אויף ווי פיעל ער הענגט אָב פון עקספּאָרט, קען ניט אויסמיידען געגענזייטיגע קאָנקורענץ. מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, ווי שטאַרק עס איז געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען די קאָנקורענץ צווישען דייטשען און ענגלישען קאַפּיטאַל. נאַטירליך, וואָלטען זיך די קאַפּיטאַליסטען פון יעדען פאָלק ניט אָבגעגעסען דאָס האַרץ, ווען זיינע קאָנקורענטען וואָלטען אַוועק פון דער וועלט. אָבער אַז זיי פערשווינדען ניט אויף אַ נאַטירליכען אופן און ווערען נאָך פרעכער אין זייער קאָנקורענץ, דאַן ווערט געבוירען דער געדאַנק זיי אָבצוראַמען פון וועג מיט געוואַלט. דעריבער איז עס גאַנץ פערשטענדליך, וואָס אויך דיעזער היימישער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, ספּעציעל אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד, איז געניינט צו מלחמה. דאָך, איז ער מעהר בעשיידען און מעהר מענשליך. ער פיהלט זיך אַבהענגיג פון די מאַסען און וויל אויסמיידען צערשטערונג אויף ווי פיעל מעגליך. ווען עס ווערט אָבער פאַר איהם אַ פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין, דאַן איז ער אויך ענטשלאָסען פאַר קאַמפּף.

דיעזע צוויי פאָרמען פון קאַפּיטאַל קאָנטראָלירען די פּרעסע סיי אין ענגלאַנד, סיי

אין דייטשלאנד; זיי פארמיערען די עפענטליכע מיינונג. זיי האבען עס די אלע יאהרען צוגעגרייט די מוחות פון ביידע פעלקער פאר דיעזען גרויסען, שוידערליכען קאמפף. די מלחמה איז אין זייערע אינטערעסען, ווייל זייער עקזיסטענץ הענגט אב פון זייער מאכט צו בעהערשען דעם ים און די שוואכערע פעלקער. די מלחמה איז אין זייערע אינטערעסען, ווייל ווער עס וועט זיעגען, וועט אויף א לענגערע צייט בלייבען עקאנאמיש שטארקער און וועט קענען אנפיהרען זיינע ביזנעס מיט פראפיט.

אבער וואס קענען די ארבייטענדע מאסען געווינען פון דיעזען קאמפף? עס איז אמת, אז זעהר א גרויסער טהייל פון דער ארבייטער בעפעלקערונג סיי אין ענגלאנד, סיי אין דייטשלאנד איז בעשעפטיגט אין די אינדוסטריען, וועלכע הענגען אב פון אויסלענדישע מערק. ווען א טהייל פון ענגלישען קאפיטאל פערליערט זיין מארק, דאן מוזען דערפון אויך ליידען ענגלישע ארבייטער, אם וועניגסטענס צייטווייליג. דאס זעלבע איז אויך אמת אין דייטשלאנד. אבער פון א ברייטערען שטאנדפונקט זיינען די ארבייטער ניט פעראינטערעסירט אין דער קאנקורענץ פון נאציאנאלע קאפיטאלען. זיי וואלטען געקענט לעבען אונטער אנדערע בעדינגונגען, וואו יעדער פראפיט וואלט געווען אבגעשאפט. נאך מעהר, די ענטוויקלונג פון דער מאדערנער ווירטהשאפט פיהרט דאצו, אז די עקספלואטאציע פון אונענטוויקעלטע לענדער זאל אויפהערען און אז די ארבייטער מאסען זאלען ווערען אונאבהענגיג פון יעדער סאלידאריטעט מיט קאפיטאל. דער סכסוך צווישען דייטשלאנד און ענגלאנד איז נור דער ערשטער שריט אין דיעזער ריכטונג. די פערשיעדענע לענדער הויבען אן צו ענטוויקלען ביסלעכווייז אייגענע אינדוסטריען, ווי רוסלאנד, יאפאן, כינא, אינדיען, אויסטראליען און ז. וו., און ווען זיי וועלען דערגרייכען די שטופע, וואו זיי וועלען קענען פראדוצירען א גרויסען טהייל פון זייערע אינדוסטריעלע פראדוקטען, דאן וועט די יעצטיגע צוטהיילונג פון דער וועלט־אינדוסטריע ווערען באנקראט. פאר די קאפיטאליסטען פון אזעלכע לענדער, ווי ענגלאנד און דייטשלאנד, וועט עס זיין דער אנפאנג פון סוף. אבער פאר די ארבייטער וועט עס זיין דער אנפאנג פון א נייער עפאכע, אין וועלכער זיי וועלען איינארדנען די פראדוקציאן לויט אלגעמיינע בעדערפניסע און ניט ווי עס פאדערט דער פרינציפ פון דעם מעגליך העכסטען פראפיט.

ווי אונזיניג די יעצטיגע מלחמה איז פון דעם שטאנדפונקט פון דעם ארבייטער־קלאס, קען מען זעהן, ווען מען שטעלט זיך פאר איהרע מעגליכע פאלגען. ענגלאנד האט דערווייל פערכאפט ווי פיעל דייטשע שיפען עס זיינען געווען אין איהרע האפענס. זי האט פערשפארט די דייטשע פלאטע און דעם נארד־זעע, און האט פערטריבען אלע דייטשע שיפען פון אלע ים'ען. דערמיט האט ענגלאנד דערווייל עררייכט א טהייל פון איהר ציעל. זי האט דערווייל אבגעשטעלט דעם דייטשען האנדעל און געעפענט א פרייען פלאץ פאר איהרע אייגענע שיפען. לאמיר זיך פארשטעלען, אז ענגלאנד וועט זיעגען און וועט אבשוואכען די דייטשע פלאטע אויף א לענגערע צייט. וועט דאס אבער דאן אבשטעלען דעם דייטשען האנדעל אויף ווייטער? נאך איניגע יאהר וועט דייטשלאנד ווידער זיין אין שטאנד צו בויען נייע שיפען און אנצופיהרען איהר קאנקורענץ געגען ענגלאנד. דאס העכסטע, וואס ענגלאנד קען עררייכען איז עטליכע פעטע יאהרען, ווען איהרע קאפיטאליסטען וועלען קאנטראלירען דעם וועלט־האנדעל. דאס זעלבע איז אמת אויך אין פאל, ווען דייטשלאנד זאל זיעגען. דאס הייסט, אז ווי די מלחמה זאל זיך ניט ענדיגען, וועט אין א צעהן יאהר ארום זיך ווידערהאלען די לאגע אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט. די קאפיטאליסטען פון די ביידע לענדער וועלען זיך ווידער ארומרייסען און שיקען דאס פאלק אונטער די קאנאנען.

דאס קען נור פאסירען אין פאל ווען אלעס וועט פערבלייבען, ווי עס איז איצט. לאמיר אבער האפען, אז בעפאר די יעצטיגע מלחמה וועט זיך ענדיגען, וועלען די פאלקס־מאסען אין אלע לענדער איינזעהען די גאנצע שוידערליכקייט און דעם אונזין פון מלחמה און זיי וועלען מאכען אין דער צוקונפט אזא צווייטע מלחמה אין גאנצען אונמעגליך.

י. אָפּאַטאָשו

דער משפט

(א מעשה)

מיין שוועסטעריל זעלדין.

שמחה פישער, א פאַרגרעבטער, מגושמ'־דיגער איד, האָט געוואָהנט אין שכנות מיט פנחס „שרייבער". שמחה'ס פוּיריש הייזעל מיט'ן שוואַרצען, שטרויענעם דאַך פון אַלט־קייט איז געשטאַנען ביים עק פון דער זשאָל־דעווקע וואו זי שניידט זיך ווי אַ טרעפּ צווי־שען שפּיציגע סקאַלעס און פאַלט מיט אַ רויש אין דער ווייכסעל אַריין. און פון דערווייטענס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס הייזעל איז ארויס־געוואַקסען פון די סקאַלעס, וויעגט און שווענקט זיך אין וואַסער ווי א בערלינקע און אַרום און אַרום פלעכטען זיך זילבערנע סטענגעס.

דער פישער מיט דריי בנים זיינען געשטאַ־נען אָהן קאַפּאָטעס, באָרוויס, מיט פערשאַרצטע איבער די קניען הויזען. און געשמירט מיט קעז גרויסע צוויי אויריגע עמערס. שמחה'ס ווייב, א געזונדע, רויטע אידענע ווי א פּויערטע, מיט אַ ווייס דריי־עקיג טיכעל אויפ'ן קאָפּ איז געשטאַנען אַ באָרוויסע, מיט ברייטע צונויפ־געוואַקסענע ווי ביי אַ גאַנז פינגער און פאַריכט גרויסע, געשטריקטע שאַטקעס. די מענער האָ־בען אַריינגעלעגט שטיינער אין די עמערס, דער שטראָם זאָל זיי נישט אַוועקטראָגען. און אַז אַן עמער איז פול געוואָרען מיט פיש, האָבען זיי גיך אָנגעצונדען שטיקער קיהן, די פיש זאָ־לען ניט זעהען וואו צו אַנטלויפען און האָבען דעם עמער אַרויסגעשלעפּט. די צאַפּעלדיגע פיש האָט מען אַריינגעלאָזט אין די געשטריק־טע שאַטקעס און זיי אָנגעהאָנגען אָן א פּליט וואָס איז געשוואומען אין וואַסער צוגעבונדען צום ברעג מיט גראָבע שטריק.

אויף דעם פּליט איז געזעסען שמחה'ס מוזשיניק, זעליג, א אינגעל פון א יאָהר צעהן מיט אַ וואָרצעל נעבען אויער און געוואָרפען קרישקעס אין אַ פלאַש מיט וואַסער וואו אַ גאָלדען פישעל איז אַרומגעשוואומען.

זעליג איז געוואַקסען אין וואַלד ווי אַ וויל־דע ציעג. אָפט פערפאַלען געוואָרען אויף עט־ליכע טעג, זיך מיטגעכאַפּט מיט אַ בערלינקע זאַליץ וואָס איז פערביי געשוואומען און אין דערהיים האָט ער קיינעם נישט אויסגעפעהלט. און איינמאָל אז ס'איז דורך א וואָך און זעליג איז נישט אַהיימגעקומען, האָט די מוטער גע־לאָזט פאַלען אַ וואָרט. אַלע האָבען געשוויגען. און נישט בחנם! ווען זעליג איז געבוירען גע־וואָרען מיט'ן וואָרצעל האָט די מוטער זיך דער־שראָקען און געשיקט נאָך דער אַלטער „טשאַ־ראָווניצע" זי זאָל איהם אָפּשפּרעכען.

די מכשפה האָט געהייסען דעם קליינעם זעהר היטען, אַז נישט וועט די קייסערין פון דער ווייכסעל, די הייליגע וואַנדע, איהם צו־נעמען.

און דער פישער מיט די בנים האָבען גע־גלויבט באמונה שלמה, אַז דאָס שטיק וואַסער וואו זיי וואוינען מוז צונעהמען א מענשען, דען דער פאַנג ווערט שוואַכער פון יאָהר צו יאָהר. דאָס וואַסער פאָדערט זיינס — דעריבער געהט זיי אַזוי שלים־מזל'דיג.

און יעדעס מאָל, ווען זעליג איז פערפאַ־לען געוואָרען אויף עטליכע טעג, האָבען אַלע געשוויגען און ביי זיך האָט יעדער געטראַכט, אַז דאָס וואַסער האָט שוין זיין קרבן, איז, ווי אויף צו להכעיס, דער קליינער יעדעס מאָל צו־ריקגעקומען. די ווייכסעל האָט איהם שוין דריי מאָל אַרויסגעוואָרפען. דעריבער האָט שמחה ניט געוואָלט וויסען פון דעם אינגעל, איהם ניט געלערנט קיין אידישקייט, איז טאַקע זעליג אַרומגעגאַנגען קרועה בלויה.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט, וואָס, בהמה דו — האָט די פישערין א געשריי געטהאָן צו זעליג'ען — געה אַריבער צום „שרייבער" און פרעג וויפיעל פיש מען זאָל שיקען אויף שבת.

דאָס אינגעל האָט געכאַפּט די פלאַש מיט'ן גאָלדענעם פישעל און זיך געלאָזט אי־בער'ן וואַלד.

זעליג האָט געטראַכט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערען, וועט ער ניט כאַפּען קיין פיש מיט עמערס. ער וועט זיך אויסבויען א פּליט און כאַפּען פיש מיט סיטשען. און אַז ער וועט רייך ווערען (און רייך ווערען וועט ער געוויס) קויפט ער זיך א פּאָאר גומענע שטיוועל, מיט לאַנגע כאָליאַוועס, וואָס פערבינדען זיך מיט א שנאָל אזש אונטער'ן בויך, א לעדערנעם רעקעל און ער וועט אַרומפּאָהרען אין די וואַסערן אין אַן אמת פישער־שיפעל, מיט אַזאַ גרויסען ראָד.

דעמאָלט וועט ער זיך אויסבויען פּונקט אַזאַ הויז מיט אַ גלעזערנע וועראַנדע, ווי פּנחס שרייבער האָט. און טאָמער גאָר אַוועקשענקען דאָס גאָלדענע פישעל רחל׳ען? זי איז דאָך מיט איהם שוין ברוגז דעם צווייטען טאָג! ער האָט איהר שוואַרצער קאַץ דעם עק אָבגעהאַקט. אַ שעהנע ריינע כפּרה! אַז די פיש וואַרפען דעם רויגען, דאַרף זי זיך נישט פער׳גנב׳ענען און אויפפרעסען זיי! יאָ, דאָס פישעל וועט ער אַוועקשענקען רחל׳ן. אמת, גאָלדענע פישלעך וואַלגערן זיך נישט אין דער וויכסעל, נור גאָר נישט, ער וועט עלטער ווערען וועט ער כאַפּען אַ וואַל־פיש, איהם אויסהוילען, זיך אויפנעהען פון דער שופּען־פעל אַ פּאָאַר הויזען מיט אַ ראָק צוזאַמען, וואו די בלויזע אויגען זאָלען זיך נור אַרויסזעהען, און ער וועט זיך אַ לאָז טהאָן מיט אויפגעשטעלטע פליס־פעדערען צו די גאָלדענע פישלעך, ער ווייס, אַז זיי וואוינען אין די טיעפסטע קעסיל־גריבער. ער וועט אָבער רחל׳ן אָנזאָגען זי זאָל טוישען דאָס וואַסער און אַריינוואַרפען עטליכע קרישקעס.

אויף דער וועראַנדע איז געזעסען רחל און זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט דער שוואַרצער קאַץ, וואָס איז געלעגען אין אַן אויסגעבעטען קאָשעק מיט אַ געשוואָלענעם רוקען:

— מיין אָרעם קעצעל! ס׳טהוט דיר וועה? נו, וויין נישט! מיקאָלאַי זאָגט ס׳וועט זיך אויסהיילען. דערפאַר וועט זעליג׳ס וואָרצעל ווערען אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, זעהסט, אַזוי! — און זי האָט צושפּרייטביידע הענטלעך — וועט דאָס זיין מיאוס — האָט רחל זיך צולאַכט — זעליג מיט אַן עק אויף דער באַק!

— רחל, זעהסט, כ׳האָב אַ גאָלדען פישעל! ווייסט עס?

רחל האָט זיך אויסגעדרעהט און אַראָבגעלאָזט אַ ליפּ:

— כ׳בין ברוגז!

— פאַר וואָס ביזטו ברוגז?

— ווייל ביזט אַ גזלן!

— אַז דער טאַטע האָט מיר געהייסען, אויף מיין וואָרט! ער האָט נאָך געהייסען כאַפּען דיין קאַץ אין אַ זאַק אַריין און עס אַראָפּוואַרפען פון בערגיל, אַזוי פלאַך, אין וואַסער אַריין!

— און מיינסט ס׳וועט דיר זיין געשאָנקען? גאָט וועט דיך שטראָפען! מיקאָלאַי זאָגט, אַז דיין וואָרצעל מוז ווערען אַזוי גרויס, ווי דער אָבגעהאַקטער עק.

זעליג איז אויף אַ מינוט צומישט געוואָרען, זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער באַק און איהם האָט זיך בשעת מעשה מיט אַן אמת אויסגעדאַכט, אַז דער וואָרצעל ווערט לענגער.

— ס׳איז אַ ליגען! אין וויפיעל וועטסטו אַז מאָרגען האָב איך איהם שוין נישט? כ׳האָב אַזאַ מיטעל!

— וואָס פאַרע מיטעל?

— מען שמירט איהם אויס מיט טויבען־בלוט עטליכע מאָל, ווערט ער פערדאַרט און פאַלט אַרונטער.

— טאָ פאַרוואָס טהוסטו עס נישט?

— ווייל די מאַמע זאָגט דער וואָרצעל איז מזל׳דיג און אַז כ׳וועל איהם אַראָפּנעמען פאַר 13 יאָהר, וועט ס׳מזל אַנטלויפען.

— און דו ביזט מזל׳דיג?

— אודאי, זעהסט מיך האָט די וויכסעל דריי מאָל אַרויסגעוואָרפען און כ׳וואָלט אפילו אין ים אויך געקאָנט שווימען! מיין טאַטע איז שוין אַזוי לאַנג פישער און האָט נאָך קיינמאָל קיין גאָלדען פישעל נישט געכאַפּט. און איך ווייס וואו זיי וואוינען אויך! און דו ווייסט נישט!

— וואו?

— אין די קעסיל־גריבער!

— זעליג, ס׳איז אמת, אַז אַ קעסיל־גרוב מוז יעדעס יאָהר צונעמען אַ מענש?

— אודאי, זיי וואוינען דאָרט מיט די גאָלדענע פישלעך! דו ווייסט אַז כ׳וועל עלטער ווערען וועל איך אַהין צו די גאָלדענע פישלעך.

— און אַז זיי וועלען דיך נישט אַרויסלאָזען?

— זיי וועלען יאָ אַרויסלאָזען!

— און וואָס וועסטו דאָרט טהאָן?

— ווייסט וואָס, דאָרטען ליגען אַלע ים־אוצרות, וועל איך זיך אָנלעגען פולע קעשענעס מיט גאָלד און בריליאַנטען און קומען צוריק.

— און וועסט מיך אויך מיטנעמען?

— דיך? אַז ביזט ברוגז!

— אודאי בין איך ברוגז!

— וועל איך דיך נישט מיטנעמען!

— טאָ נעם נישט!

— טאָ גיעב מיר אָפּ ס׳גאָלדענע פישעל!

— ס׳גאָלדענע פישעל? טאָ פאַר וואָס ביזטו אַזאַ שלעכטער, נעמסט מיין קעציל און — —

— אויף מיין וואָרט, כ׳וועל מעהר דעם עק נישט אָפּהאַקען!

— אַז דו האָסט שוין אָפּגעהאַקט!

— רחל, וואו ביזטו? ס׳עסען ווערט קאַלט — האָט די אַלטע דינסט גערופען.

—כ׳געה שוין — האָט רחל געענטפערט און זיך אויפגעשטעלט.

— קום מאָרגען צו אונז, רחל, „באָטשאַנעס*) זיינען שוין געקומען צו פליהען, וועסט קומען?

— כ׳וועל קומען — און זי איז אַריין אין שטוב.

---

*) בושעלס.

2

דער וואַלד האָט פרעהליך גערוישט, געשמעקט מיט קאַלעפּאָניע*).

זעליג, אַן אָבגעברענטער ווי אַ ציגיינעריל, איז זיך גענאַנגען אַ באָרוויסער איבער'ן וואַלד, אויסגעמיטען די סטעזשקע וואו אַלע געהען, געשפּרייזט איבער דער שוואַרצער, זומפּיגער מיט מאָך בעוואַקסענער ערד און הנאה געהאַט ווי די קיהלע, פייכטע ערד צוגעהט און פּידעלט אונטער זיינע פיסלעך ווי גוט אויסגעקנאָטענע טייג. דאָס אינגעל האָט געהאַלטען אַ שליסעל אין מויל און געפייפט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

רחל אַ פרעהליכע מיט צופלאַמטע בעקלעך, מיט די שיך און זאָקען אין די הענד איז דעם אינגעל נאָכגעגאַנגען.

שטראַהלען וואָס זיינען געווען בעהאַלטען טיעף אין וואַלד האָבען מיט אַ מאָל גענומען שטיפען, זיך פלעכטען אַרום רחל'ן, די שטראַהלען האָבען זיך פער'גנב'עט פון הינטען, איהר אַ קוש געטהון, צוריק אָפּגעשפּרונגען און מיט אַמאָל זי אַ גאָס אָפּגעטהון מיט אַזאַ זילבערנע ליכטיגקייט, אַז רחל האָט אַזש פערזשמורעט די אויגען און אַרויסגעלאָזט אַ פרעהליכען קוויטש.

פייגעל זיינען געוואָרען לעבעדיגער, זיך אַרויסגעריסען מיט אַ פּאַטשעריי פון טיעפען גראָז, געבליבען הענגען אַנטקעגען דער צופלאַמטער זון און זיך צוטרעלט.

דער וואַלד האָט פרעהליך גערוישט, געשמעקט מיט קאַלעפּאָניע.

און עס האָט זיך געדאַכט גלייך מחנות פּיעדעל־שפּיעלער זיינען צוואוואָרפען איבער'ן וואַלד, ווערען אַלץ מיעדער, הערען ביסלעכווייז אויף צו שפּיעלען — האָבען די פּיעדעל־שפּיעלער דערזעהן ווי אַ יונג פּאָרעל שטעהט האַנד אין האַנד באָרפיסע אויף דער פייכטער ערד, האָבען זיי זיך דערפיהלט אינגער, ראַש און ראַשער גענומען רייבען זייערע בויגענס אָן געל־רויטליכע שטיקער קאַלעפּאָניע און די הויכע סאָסנעס ווי אָנגעצויגענע סטרונעס האָבען אַ ציטער געטהאָן, זיך צוברומט ווי אַ ווייטער, שטילער ים: יונגענד! יוגענד!

אַרויסגעהענדיג פון וואַלד האָט די פּאָרעל זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ברעג פון דער ווייכסעל און גענומען שווענקען אין דעם דורכזיכטיגען וואַסער זייערע בלאָטיגע פיסלעך.

אויף דער צווייטער זייט ווייכסעל האָבען זיך געצויגען ברייטע גרינע לאָנקעס דורכגעוואָרפען מיט געלען „כאַבער“.

איבער דער לאָנקע איז זיך אַרומגעגאַנגען אַ ווייסער בושעל מיט אַ שוואַרצען עק. ער האָט געהויבען זיינע רויטע פיס ווי שטאָלצעס, גדלות'דיג פעררייסען זיין לאַנגען האַלז מיט'ן רויטען שנאָבעל און געשלונגען מיט אַ „קליור־קליו“ גרינע זשאַבקעלעך. און אַז די זון איז אַרויסגעשוואומען פון הינטער אַ וואָלקען און גענומען באַקען, האָט דער בושעל זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס, בעהאַלטען זיין רויטען שנאָבעל מיט אַ האַלבען קאָפּ אונטער אַ פליגעל און אַזוי געבליבען שטעהן אויף דער גרינער לאָנקע ווי אַן אויסגעמאָהלטער.

— רחל, ווייסט וואָס עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך?

— וואָס?

— טאָ שווער זיך, אַז וועסט קיינעם נישט דערצעהלען!

— אסור נישט!

— געה, כ'האָב מורא וועסט יאָ דערצעהלען!

— אויף מיין וואָרט נישט, זעליג!

— טאָ געדענק! — און זעליג האָט אויפגעהויבען אַ פינגער צו דער נאָז — ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען?

— וואָס?

— דו וועסט נישט טרעפען! — האָט זיך זעליג צולאַכט.

— זאָג שוין! — האָט רחל זיך געבעטען, אָנגענומען זעליג'ן ביי אַ האַנד און געריבען איהר נאַס פיסעל אָן זיינס.

— דו ווייסט, ווען מיר קריגען אַ גענזען איי, אוי, וואָלט דאָס געווען גוט?

— צו וואָס דאַרפסטו אַ גענזען איי?

— כ'וואָלט עס אַריינגעלעגט אין דער גניאַזדע צו די „באָטשאַנעס“ וואָלט אַרויסגעקומען אַ האַלבער באָטשאַן און אַ האַלבע גאַנז.

— און דער באָטשאַן וועט דיך צולאָזען?

— כ'וועל עס פאַרטאָג אַריינלעגען, ווען ביידע פליהען אַוועק.

— זעליג, דו ווייסט ווער עס ברייגנט קליינע קינדער? ברוינע זאָגט, אַז אַ באָטשאַן ברענגט אַ קליין קינד אין אַ קאָשיקעל. וואו וואוינען די אַלע קינדער?

— אין הימעל!

— און אַז ס'רעגענט?

— אַז ס'רעגענט? כ'ווייס נישט! מסתמא בעהאַלטען זיי זיך, ווען די וואָלקענס געהען אַראָפּ צו דער ווייכסעל זיך אָנטרינקען.

— און דער באָטשאַן, וואָס שטעהט אויף דער לאָנקע, קען אויך ברענגען קליינע קינדער?

— אודאַי!

— זעליג, און אַז איך וועל שטאַרק וועלען וועט דער באָטשאַן מיר אויך ברענגען אַ קינד?

— אודאַי! — און זעליג האָט אויסגעשטרעקט די הענד — אַזאַ באַרג מיט קינדער!

— געה, כ'וועל זיך שעמען פאַר בריינען צו ברענגען אַ קינד אין שטוב אַריין. אַזאַ קליין מיידעל ווי איך טאָר נישט האָבען אַ קינד! מען מוז פריהער חתונה האָבען, אמת?

*) גומי איינצורייבען אַ בויגען פון אַ פּיעדעל

— טאָ פאַרוואָס האָט פראַנקאַ דעם לעשניקס געהאַט אַ קינד? זי האָט נישט התונה געהאַט!

— זי איז דאָך אַ שיקסע!

אַ צווייטער בושעל, עטוואָס אַ קלענערער, מיט אַ ווייסען פליגעל ווי אַן אָפּגעקאַלעכטער האָט זיך פּאַמעליך אַראָפּגעלאָזט. דער „ער“ וואָס איז געשטאַנען אין מיטען דער לאָנקע האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט, צושפּרייט די פליגעל, פּעריסען דעם לאַנגען האַלז, זיך פאַנאַנדערגעגנעצט און גענומען לויפען אַרום און אַרום דער „זי“ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און געשריען קליאַ־קליאַ. — — דער „ער“ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבען זיין רויטען עטוואָס צועפּענטען שנאָבעל וואו ער האָט געהאַלטען אַ גרין זשאַבקעלע, וואוילעריש געקוקט אויף דער „זי“, ווי ער וואָלט געזאָגט: „ביי מיר וועט שוין אַ ווייב נישט שטאַרבען פון הונגער“, און עס איהר אונטערגעטראָגען. בשעת די „זי“ האָט זיך געקרעקט, געהויבען דעם האַלז, געגלאָצט די אויגען און געשלונגען דאָס זשאַבקעלע וואָס האָט זעהר קיין חשק געהאַט צו מאַכען אַ שפּאַציר איבער'ן בושעלס גרגרת, האָט דער „ער“ איהר עטליכע מאָל פון ליעבשאַפט וועגען אַ פּיק געטהון מיט'ן שנאָבעל, איינגענורעט זיין קאָפּ צו איהר אונטער'ן פליעגעל און עפּיס געזוכט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט, גענומען פּאַטשען מיט די פליגעל, געפלויגען נידריג אַרום דער „זי“, געמאַכט חנד'לעך מיט'ן בויגיקען, קלוגען האַלז און דער תמיד שטילער פויגעל האָט זיך צוזונגען: קליאַ־קליאַ־קווע, קליאַ־קליאַ־קווע! —

זעליג איז אַרויס פון וואַסער.

— געה שוין אַהיים, רחל, און ברענג אַן איי, איצט איז די גניאַזדע לעדיג. גיכער, טהו אָן די שיך!

רחל האָט אַ פרעהליכע אָנגעטהון די שיך, זיך געפּיהלט באַקוועמער און אַ שפּרונג געטהון.

— נו, וואָס געהסטו נישט? — האָט זעליג געפרעגט.

— כ'פויל זיך אַליין!

— ווּעל איך מיט דיר מיטגעהן, גוט?

און די קינדער אַננעהמענדיג זיך פאַר די הענטלעך זיינען שפּרינגענדיג פערשוואונדען אין וואַלד.

.3

זעליג איז אַ פרעהליכער צו צו דער סטאָדאָלע וואו די בושעלס האָבען געהאַט דעם נעסט, גענומען פון רחל'ן דאָס איי, עס צוגעהאַלטען מיט די ליפּען און לייכט ווי אַ קאַץ גענומען קלעטערען אויף דער גלייכער לייםענער וואַנד. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָפּענער קראָקווע, געוואַרט אַביסעל ווי ער וואָלט געזוכט דאָס גלייכגעוויכט און זיך אַ וואָרף געטהון מיט'ן קערפּער אויפ'ן דאַך. דער נעסט איז בעשטאַנען פון אַן אַלטע הילצערנע בראָנע. אין דער בראָנע איז געלעגען אַ קאָש אויסגעבעט מיט גראָז און צווייגען. אַ טוכלער ריח פון פיש, זשאַבעס און היהנדלעך האָט זעליגען אַ שלאָג געטהון אין פּנים אַריין. אין דעם נעסט זיינען געלעגען דריי גרויסע אייער. זעליג האָט אַרויסגענומען אַן איי, אַריינגעלעגט אַנשטאַט דעם דאָס גענזענע און געוואָלט זיך אַראָפּלאָזען פון דאַך, ווי ביידע בושעלס האָבען זיך מיט אַמאָל בעוויזען און זיך געטראָגען מיט צושפּרייטע פליעגעל גלייך אויף זעליגען. זעליג האָט נאָך צייט געהאַט אַראָפּצושפּרינגען, נור ער האָט זיך אַזוי דערשראָקען די בושלעס זאָלען איהם נישט צופּיקען, דאָס ער איז געבליבען אַ רגע שטעהן מיט דעם איי אין ביידע הענט.

רחל האָט אַרויסגעלאָזען אַ קוויטש:

— זעליג, שפּרינג אַראָפּ!

זעליג האָט זיך איינגעקוויטשעט, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, ווי איינער וואָס ערוואַרט קלעפּ און גענומען זיך אַראָפּגליטשען פון משופּע'דיגען דאַך.

דער „ער“ דורכפליהענדיג האָט אויסגעצויגען זיין לאַנגען האַלז, זיך פערמאָסטען מיט זיין שאַרפען שנאָבעל זעליגען אין פּנים אַריין. זעליג האָט אויסגעמיטען דעם בושעלס שנאָבעל, געכאַפּט אַ פּיק אין דער פּלייצע און אַראָפּגעפאַלען פון דאַך ווי אַ שטיין. דאָס איי האָט זיך צושפּריצט און אָבגעגאָסען זעליגען מיט אַ געלע פליסיגקייט.

רחל האָט געמיינט, אַז זעליג איז געוויס טויט פון דעם קלאַפּ, האָט זי זיך גענומען אויסקנייפּען שטיקער פלייש, געפּאַלען נעבען זעליגען אויף די קניען, איהם אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענטלעך, גענומען קושען און זיך צעוויינט:

— זעליגעל, טייערער מיינער, ס'טהוט דיר וועה, זאָג? אַלץ בין איך שולדיג! צו וואָס האָב איך געבראַכט דאָס איי?

אַז זעליג איז פון דעם קלאַפּ צו זיך געקומען, האָט ער דערפיהלט אַ וועהטאָג אין דער פּלייצע און זיך דערמאָהנט, אַז דער בושעל האָט איהם אַ פּיק געטהון. רחל דערזעהענדיג, אַז פון רעקיל רינט בלוט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהון פאַר'ן קעפּיל.

— אוי — מאַמעשי, בלוט!

און זי האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט נעבען זעליגען אויף די קניען און איהם גענומען בעטען:

— זעליגעל, טהייערער מיינער, קום צו אונז, ברײנע וועט דיר עפּיס צולעגען, זי וועט אסור קיינעם נישט דערצעהלען, וועסט זעהען, כ'בעט דיך, זעליגעל, קום!

זי האָט איהם אַ קוש געטהון און זיך צעוויינט: אַלס איבער מיר!

זעליג זעהענדיג, אַז מען וויינט איבער איהם, האָט ער זיך מיט אַן אמת דערשראָקען, פאַרגעסען אָן דעם וועהטאָג און זיך אויפגעשטעלט.

— קום, רחל, מיר וועלען צוגעהן צום וואַסער, וועסטו מיר אָפּוואַשען דאָס בלוט, גוט? וויין נישט, מיר וועט גאָר נישט זיין! כ'האָב שוין געהאַט גרעסערע לעכער אין קאָפּ און ס'האָט זיך אויסגעהיילט.

— ביזט בייז, זעליג?

— ניין!

— ווילסט מיר זאָלען אייביג זיין חבר?

— אודאי וויל איך!

— זעהסט, כ'האָב דיך אַזוי ליעב — האָט רחל געזאָגט און געכאַפּט איהר הענדטיל איבער דעם עלעבויגען אין מויל אריין, פערקוועטשט די אויגען און אַ שטאַרקען בים זיך געטהאָן, אַז אַלע איהרע צייהנדלעך האָבען זיך, פערלאָפּענע מיט בלוט, אַרויסגעפּרעסט.

זיי האָבען געשוויגען, געגאַנגען איבער די דינע, טרוקענע צווייגלעך, וואָס האָבען זיך געבראָכען אונטער זייערע פיסלעך, געגאַנגען צו דער ווייכסעל.

רחל ווי אַ קליינע מאַמע האָט זיך גענומען פּאָרען ארום זעליג'ן. זי האָט איהם אויסגעטהאָן דאָס רעקעל, דערנאָך האָט זי אַראָפּגעצויגען דאָס העמדעל, זיך אין גאַנצען פערגעסען, אַז מען טאָר ניט קוקען אויף אַ נאַקעטען אינגעל, גענומען איהר ווייס פאַרטוכעל, עס געטונקט אין קאַלטען וואַסער און אַרומגעווישט זעליגען דעם וואונד. זעליג איז געלעגען אויף אַלע פיער, ווי אַ פערוואונדעט חיה'לע, זיך קיין ריהר געטהאָן און הנאה געהאַט, וואָס רחל פּאָרעט זיך אַרום איהם. און אַז זי האָט דעם וואונד אַרומגעווישט, האָט זי אויסגעוואַשען איהר פאַרטוכעל, עס גוט אויסגעדרעהט, אַרויפגעלעגט עס זעליגען אויפ'ן וואונד, זיך פערקליבען מיט איהם צווישען קוסטעס, אין שאָטען, און איהם געהייסען זיך אויסציהען מיט'ן פנים אויף איהר שויס, אַז דער וואונד זאָל זיך עטוואָס צוטריקענען.

זעליג האָט אַלץ געפאָלגט און איז גלייך אַנשלאָפען געוואָרען ביי רחל'ן אויפ'ן שויס.

רחל האָט יעדע ווײלע אונטערגעהויבען דאָס פאַרטוכעל — געקוקט צי דער וואונד פערטריקענט זיך. דער וואונד אָבער האָט געבלוטיגט, האָט רחל'ן פאַרקוועטשט אונטער'ן הערציל און זי האָט זיך שטיל צואוויינט. און אַ פערוויינטע, מיט רויטע פערלאָפענע אויגען, האָט רחל אויך איינגענורעט איהר קעפּיל צווישען די בלעטער און איינגעשלאָפען.

.4

די „זי“ בושעל האָט אַ גאַנץ פריה־מאָרגען נישט אָבגעטרעטען פון איהר נעסט — געקוקט ווי דאָס קליינווארג פּיקט זיך פון די אייער.

דער „ער“ איז געוועזען צוטראָגען, געשוועבט איבער דעם נעסט מיט מאָדנע אויסגעשרייען, געבראַכט יעדעס מאָל דער „זי“ עפּעס אין מויל אריין און געשפּרייזט אַרום דער סטאָדאָלע גיך, מיט אַן איינגעקורטשעטען האַלז צווישען די פליגעל און ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ יונגערמאַנטשיק, וועמעס ווייבעל ריכט זיך מיט אַן ערשטלינג אין קינבעט אַריין.

די „זי“ האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם „קליו־קליו“. דער „ער“ האָט זיך צוגעזעצט, צושפּרייט די פליעגעל און געזעסען ביים נעסט. ער איז אויף אַ רגע ווי צוטומעלט געוואָרען, געקוקט אויף דער „זי“, וועלכע האָט אַראָפּגעלאָזט פערשעמט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געבעטען: אַז כ'בין אויף מיין וואָרט ניט שולדיג. אַ קליין גענזעלע האָט זיך אַרויסגעקייקעלט פון דער אויסגעגעסענער שאָל פון אַן איי. דער בושעל האָט דערפיהלט, ווי אַלץ אין איהם נעהמט זיך טרייסלען און ווי אַן אָבגענאַרטער סאַמעץ האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער „זי“, געפּליקט מיט'ן שנאָבעל איהרע פעדערען. די „זי“ האָט נאָך טיעפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך נאָך נעהענטער צוגערוקט צום „ער“ און ווי אַן אמת שולדיגע האָט זי זיך נישט געוועהרט, פערקעהרט, אַלץ אין איהר האָט זיך געבעטען: שלאָג בעסער.

דער בושעל האָט אַ פּיק געטהאָן דעם קליינעם גענזיל מיט'ן שנאָבעל, עס געכאַפּט פאַר'ן קעפּיל און עס אַ שליידער אַראָפּ געטהאָן פון דער סטאָדאָלע. ער האָט גענומען צוואַרפען מיט'ן שנאָבעל און מיט די לאַפּעס דעם נעסט, מעהר זיך נישט אומגעקוקט אויף דער „זי“, געשטאַנען אַ ווײלע און אַוועקגעפלויגען.

די „זי“ האָט זיך אויסגעגלייכט, גענומען שאַרפען אָן די צייהן פון דער בראָנע איהר שנאָבעל און געטראַכט, אַז זי איז אַ פערלוירענע, אַז דער „ער“ איז געפלויגען זי פער'מסר'ן פאַר דער סטאַדע.

די „זי“ האָט אויפגעהויבען איין פוס, גענומען שטאַרקער שאַרפען איהר שנאָבעל אָן דער בראָנע און זיך צואוויינט אויף איהר שטייגער. זי איז געוועזען זיכער, אַז דאָס איז נישט איהר שולד, אַז אַן אומגליק איז איהר געשעהן, אַז זי וועט זיי דערצעהלען, די עלטסטע פון דער סטאַדע... זי וועט זיי ווייזען די צוויי קינדער, עכטע בושלעך, מיט רויטע לאַפּקעס און רויטע שנעבעלעך... און זי האָט זיך ווידער צואוויינט.

זעליג מיט רחל'ן זיינען געזעסן אויף דער פּליט.

— דו ווייסט, רחל?

— וואָס?

— פון היינט אָן וועל איך קענען שווימען פונקט ווי א קאַטשקע.

— ווי ר'נאָך?

— כ'וועל זיך אויפשניידען די פינגער פון — — —

— זאָלסט עס נישט טהאָן, הערסט, זעליג! כ'וועל אויף מיין וואָרט אייביג מיט דיר זיין ברוגז, אייביג!

— אַז דו לאָזט נישט! הער מיך אויף א פריהער אויס!

— אודאַי לאָז איך נישט!

— זעהסט, כ'וועל נעמען די הייטלעך פון געזונענע לאַפּקעס, זיי אַריינמאַכען צווישען מיינע פינגער, זיי פעסט אַרומבינדען ביז זיי וועלען זיך איינוואַקסען און דערנאָך — — —

— און בלוט וועט נישט געהן? — האָט איהם רחל איבערגעריסען.

— אודאַי וועט נישט געהן! אָפּעלאָ האָט מיך אויסגעלערנט זיך צו צושניידען א פינגער מיט'ן שאַרפסטען מעסער און ס'זאָל קיין בלוט נישט געהן, איהר מאַמע איז דאָך א מכשפה!

— דו ביזט דאָך ברוגז מיט אָפּעלאָן?

— אודאַי בין איך ברוגז! דו ווייסט, רחל, אָפּעלאָ האָט אַזאַ גראָז, אַז מען טהוט עס א לעק שלאָפט מען א גאַנצען מעת־לעת. גלויבסט נישט? אויף מיין וואָרט!

— האָט זי!

זיי האָבען א ווײלע געשוויעגען.

— זעליג, ס'איז טאַקע אמת, אַז אפעלא'ס מאַמע געהט אין שיך פון מענשישע אָדערן?

— אודאַי. דו ווייסט, אָפּעלא'ס מאַמע קאָן ווערען א שטרוי אויך, זיך בעהאַלטען אין קלענסטען שפּעלטיל! זי איז דאָך אן אמת'ע מכשפה!

די שטילע ווייכסעל האָט זיך געבלעזילט. פון די בלעזלעך זיינען געוואָרען קרייזען. די קרייזען האָבען זיך צוזאַמען צוואַקסען, איינגעשלונגען איינער דעם צווייטען, געוואָרען גרעסער און גרעסער און די תמיד רוהיגע ווייכסעל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א קריסטאָלענער שפּיגעל, איז ווי פערגליווערט געוואָרען, איינגעשלעפערט אַלץ אַרום.

א שוואַלב האָט דורכגעפלאַטערט, דערזעהען אין וואַסער נאָך שוואַלבען, האָט ער פון היימליכקייט וועגען זיך אָבגעשטעלט, איינגעטונקט דאָס שנעבעלע און די ווייכסעל האָט זיך אויף דאָס ניי צובלעזילט.

זעליג האָט דערצעהלט, אַז אונטער'ן „שוואַרצען שטיין“, אין א גלעזערנעם פּאַלאַץ וואוינט וואַנדע, די קייסערין פון ווייכסעל.

זומער אין די גרויסע היצען, ווען די ווייכסעל ווערט פלאַך, פערקלייבט זיך וואַנדע מיט איהרע שוועסטער אויפ'ן שטיין און פערנאַרען צו זיך קליינע קינדער. זי האָט שוין איהם אויך דריי מאָל געוואָלט כאַפּען, האָט ער אָבער אַזאַ שפּרוך, אַז ער זאָגט איהם, וואַקסט גלייך אויס א פייערדיגע רייף און זי קאָן צו איהם נישט צו.

— זעליג, און צו וואָס דאַרף וואַנדע אַזוי פיעל קינדער?

— צו וואָס זי דאַרף זיי? זי קושט זיי אַזוי לאַנג ביז די נשמה געהט זיי אויס און דערמאָלט עסט זי אויף זייערע הערצעלעך!

די קינדער האָבען דערזעהן, ווי א מחנה בושעלס קומען אָנצופליהען, לאָזען זיך אַראָפּ אויף דער „קעמפּע“*), וואָס געפינט זיך אין מיטען דער ווייכסעל.

— דאָס געהען זיי פראַווען א חתונה — האָט זעליג געזאָגט און זיך געווענדט צו רחל'ן — קום, מיר וועלען צופאָהרען מיט דער לאָדקע.

זעליג האָט אָבגעבונדען פון דער פּליטע די לאָדקע. רחל האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער פון די היימישע זעהט זיי נישט און איז א פרעהליכע אַריינגעשפרונגען אין שיפעל.

רחל האָט געקוקט ווי די קליינע קריסטאָלענע וועלען פאַלדרעווען זיך, שלינגען איין איינער דעם צווייטען, בלענדען די אויגען, איז זי פרעהליכער געוואָרען און אַרויסגעלאָזט א מאָדנעם קוויטש.

זיי זיינען אַרויס אויף דער „קעמפּע“, אַרויסגעשלעפּט די לאָדקע און זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז.

די בושעלס האָבען זיך אויסגעשטעלט אין א האַלבען קרייז. אַן עלטערע פּאָרעל, ווי צוויי חשוב'ע בעלי־בתים מיט פערלייגטע הענד, האָבען געשפּאַנט אין מיטען קרייז. דער „ער“ איז געקומען צופליהען, געהאַלטען דאָס טויטע גענזיל אין שנאָבעל, עס אונטערגעטראָגען דער עלטערער פּאָר — נאַ, זעהט!

די עלטערע בושעלס האָבען דאָס גענזיל בעטראַכט, בעשמעקט, געוואָרפען מיט זייערע לאַנגע העלזער, געגודערט אויף זייער שטייגער און צוויי בושעלס זיינען אַוועקגעפליגען.

באַלד זיינען די בושעלס צוריק געקומען מיט דער „זי“. די שלוחים האָבען מיט „קליור־קליאַ, קליאַ־קליאַ“ איבערגעגעבען דער „זי'ס“ טענות. די בושעלס האָבען זיך ווידער צוגורדערט, זיך געקאָכט, אַרויס פון קרייז, זיך צונויפגעשטופּט אין איין קופּע און פון דערווייטענס האָט זיך געדאַכט, אַז א ברייט־ביינג פערזעהניש מיט צעהנדליג בויגיקע קעפּ

*) אינזעל.

שטעהט אין מיטען דער ווייכסעל און שרייט „קליו־קליו, קליא־קליא“! — —

די בושעלס האָבען ארומגערינגעלט די „זי“. דער „ער“ איז דער ערשטער צו, דערלאַנגט זיין ווייביל א פּיק גלייך אין קאָפּ אַריין און פון אַלע זייטען האָבען זיך לאַנגע העלזער מיט אָפּענע שנאָבעלס געטראָגען צו איהר, פּעדערען האָבען זיך געדרעהט אין דער לופטען און דער פויגעל איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקלעך.

עס איז געוואָרען שפּעט. רחל איז געזעסען און געוויינט, געוואוסט, אַז זי מיט זעליגען זיינען אין אַלעם שולדיג. זעליג האָט זי אויפגעהויבען:

—קום, רחל, מיר וועלען אַהיים פאָהרען.

זיי זיינען אַריין אין דער לאָדקע. שווערע וואָלקענס האָבען זיך מיט א מאָל גענומען שניידען פון דער ווייכסעל, זיך אוועקגעשטעלט ווי ווענד, ווי חורבות און עס איז געוואָרען שטאָק פינסטער. א בליץ האָט אָנגעצונדען די גאַנצע ווייכסעל. רחל איז צוטומעלט געוואָרען, פון צופיעל ליכטיגקייט גאָר נישט געזעהן, פאַרגעסען, אַז זי איז אין דער לאָדקע, און איז אויפגעשפּרונגען. האָט א קראַך געטהאָן א דונער, גלייך מען וואָלט שטיינערנע בערג צוריסען, און ס'האָט א גאָס געטהאָן א מבול.

רחל איז מעהר אין דער לאָדקע נישט געוועזען. זעליג האָט אראָבגעוואָרפען דאָס רעקיל, געזוכט רחל'ן, זיך אַראָבגעלאָזט אונטער'ן וואַסער — רחל איז נישטאָ.

די ווייכסעל האָט געשטורעמט.

שוואַרצע וואַלען, ווי צורייצטע חיות, מיט שוים אויף די מיילער, האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, גערעוועט, זיך געוואָרפען אויף זעליגען. און פון אַלע זייטען האָבען בליצען, ווי פייערדיגע סטענגעס, איהם געבלענדט די אויגען. די לאָדקע איז שוין געוועזען ווייט פון איהם, זיך געטראָגען אַליין איבער דער ווייכסעל. א וואַל האָט איהם איינגעהילט, און זעליג האָט דערפיהלט, אַז ס'ווערט איהם גרינגער, האָט ער אָבגעלאָזט העגד און פיס און דערזעהן ווי א פּאַלאַץ מיט גרינע פייערלעך שווימט צו איהם. וואַנדע איינגעהילט אין ווייסליכע בליצען בלייבט הענגען אין דער לופטען. זי רופט איהם צו זיך, ווייזט איהם רחל'ן, שיקט צו איהם בליצען און די בליצען, ווי לאַנגע צינגען, ווערען אַלץ דינער. די בליצען קיצלען, קושען, ברענען, און זיין מאַמע שטעהט איבער איהם, קוועטשט ציטרין אויף צוקער און לעגט איהם אין מויל אַריין. און מיט אמאָל צושפּרייט וואַנדע איהרע וואַסערדיגע האָאר. די האָאר ווערען לענגער, וויקלען איהם אַרום און, ווי דורך טויזענדער רינעס, שטראָמט וואַסער, פערלעשט די בליצען און ס'ווערט איהם אַזוי גוט, אַזוי גוט און ער שווימט.

דר. ל. ראַוופסקי

דער פּאַנסלאַוויזם

זייט דעם לעצטען פערטעל פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז די פערפּלאָנטערטסטע פראַגע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק געווען די אַזוי גערופענע מזרח־פראַגע. פון מזרח — פון נאָהענטען מזרח — האָט מען ערוואַרט די סכנה. ווען מען פלעגט אין דער פרעסע ריידען, אַז אַן אַלאייראָפּעאישע מלחמה איז מעגליך—נאָך מעהר, אַז זי איז אונפערמיידליך — איז אימער פערשטאַנען געוואָרען, אַז דער צוזאַמענשטויס פון אינטערעסען פון די גרויסע אייראָפּעאישע מלוכות וועט פאָרקומען אין אָדער אַרום טערקיי. טערקיי איז אָנגערופען געוואָרען דער „קראַנקער מאַן“ פון אייראָפּאַ. ווען דער „קראַנקער מאַן“ וועט שטאַרבען, וועלען די פעלקער פון אייראָפּאַ זיך צושלאָגען ביי דער חלוקה — זיי וועלען זיך ניט קענען איינטיילען מיט דער ירושה. דער „קראַנקער מאַן“ איז ניט געשטאָרבען, ער האָט בלויז דורכגעמאַכט אַן ערנסטע אָפּעראַציע מיט א גרויסען בלוט־פערלוסט, און דער אַלגעמיינער געשלעג האָט אויסגעבראָכען נאָך ביי זיין לעבען.

די אינטערעסען פון אַלע זעקס גרויסע מעכטע האָבען זיך בעגעגענט אויפ'ן באַלקאַנישען האַלב־אינזעל, און האָבען זיך דאָרט אַזוי פערפּלאָכטען און פערוויקעלט, אַז עס איז שווער זיך פונאַנדערצוקלייבען אין דעם דאָזיגען פּלאָנטער. דאָך, אין דעם פּלאָנטער קאָן מען אונטערשיידען צוויי גרויסע קנוילען, וואוהין עס לויפען אַריין אַלע איבריגע פערפּלעכטונגען: איין קנויל הייסט פּאַנסלאַוויזם, דער אַנדערער פּאַנגערמאַניזם.

וועגען פּאַנגערמאַניזם וועלען מיר דאָ ניט ריידען. מיר וועלען דאָ בעגנוגענען זיך מיט א פּאָאר בעמערקונגען. אונטער פּאַנגערמאַניזם מיינען מיר ניט דוקא נור יענע בעוועגונג, וואָס זוכט צונויפצוגיסען אַלע לענדער, וואָס זיינען בעוואוינט פון די דייטשען — די עסטרייכישע

אויף אין כלל, — אין איין פּאָליטישעס גאַנצעס. מיר מיינען דאָ די שטרעבונג פון דייטשען יונקערטום, פון דער דייטשער גרויס- און מיטעל-בורזשואַזיע, צו פערברייטען און צו פערשטאַרקען די דייטשע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט אויף אַזוי ווייט, אַז די אַנדערע פעלקער, הויפּטזעכליך די סלאַווישע, זאָלען אַרונטערפאַלען אונטער דעם דייטשען איינפלוס.

וואָס שייך דעם נאָהענטען מזרח, איז דייטשלאַנד אם מעהרסטען פעראינטערעסירט אין קליין אַזיען. דער דייטשער קאַפּיטאַל האָט פאַקטייש איינגענומען קליין-אַזיען, וואָס געפינט זיך דערווייל נאָמינעל אונטער דער טערקישער הערשאַפט. דער חלום פון די דייטשען איז עקאָנאָמיש און קולטורעל צו בעהערשען מעסאָפּאָטאַמיען, סיריען, באַבילאָניען. זיי האָבען שוין דאָרט 1000 קילאָמעטער אייזענבאַהן. אין דער ליינג פון דער אייזענבאַהן געהען דייטשע האַנדעלס-אַגענטורען. יעדע סטאַנציע איז אן אָבלייגער פון דייטשע סחורות. זיי האָבען כמעט ווי פערטריבען די ענגלענדער, וועלכע זיינען דאָ אמאָל געווען די בעלי-בתים. שוין אין 1905 האָט דער דייטשער קאַפּיטאַל אין טערקיי בעטראָפען 400-500 מיליאָן מאַרק, און איצט מוז ער נאָך בעטרעפען פיעל מעהר.

אָבער דער וועג צו קליין-אַזיען ליעגט דורכ'ן באַלקאַנישען האַלב-אינזעל. דערפאַר האָבען די דייטשע שטאַאטס-מענער פאַר די לעצטע יאָהרען זיך געגעבען די מיה צו מאַכען די באַלקאַנישע מלוכות אָבהענגיג, אָדער דירעקט פון דייטשלאַנד, אָדער אונדירעקט—דורך דייטשלאַנד'ס בונד-חבר — עסטרייך. דאָס צווייטע איז געווען פיעל לייכטער. דייטשלאַנד האָט גענומען שטיצען עסטרייך אויף די באַלקאַנען. פאַר עסטרייך האָט דייטשלאַנד ניט וואָס מורא צו האָבען — עסטרייך נויטיגט זיך צו שטאַרק אין דער הילפע פון דייטשלאַנד כדי צו האַלטען אין צוים די עסטרייכישע סלאַווען, וואָס שטייגען אריבער אין צאָהל, און זייער סך הכל, די דייטשען און די אונגאַרען צוזאַמען. די לעצטע ווייסען צו גוט, אַז זיי קענען אָהן דייטשלאַנד ניט אויסקומען, און דייטשלאַנד בעטראַכטען זיי פון תמיד אָן אַלס דעם נאַטירליכען בונדס-חבר פון עסטרייך. פאַר דער דייטשער רעגיערונג איז דארום קיין ריזיקא ניט געווען צו פערווירקליכען איהרע פּלענער אויף די באַלקאַנען דורך עסטרייך.

אָבער אויסער די דייטש-עסטרייכישע עקאָנאָמישע אינטערעסען, שטעהט נאָך דאָ אין קאָן די כאַמע עקזיסטענץ פון דער עסטרייכישער אימפּעריע. עס וואָלט פיליכט גענוג געווען די איין אורזאַכע צו מלחמה — די ערמאָרדונג פון עסטרייכישען קרוין-פּרינץ. די ערמאָרדונג איז געווען א טייל פון דער אַטאַקע פון סערביען אויף עסטרייך. זי איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דער סערבישער רעגיערונג מיט דער הילף פון רוסישען געזאַנדטען אין בעלגראַד האַרטוויג. וואָרים עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז דער באַלקאַנישער בונד איז בעשאַפען געוואָרען ניט בלויז צו קעמפּפען מיט טערקיי, נור הויפּטזעכליך מיט עסטרייך. סערביען און מאָנטענעגרא האָבען צוזאַמען קוים א העלפט פון דער צאָהל סערבען, וואָס בעוואוינען די צוויי פּראָווינצען באָסניען און הערצאַגאָווינא, וואָס עסטרייך האָט אַנעקסירט. כדי צו פערווירקליכען דעם חלום פון „גרויס-סערביען“, מוז מען שטירצען די אימפּעריע פון פראַנץ יאָזעף. פאַר זיי, די סערבען, איז דער „קראַנקער מאַן“ געזעסען ניט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נור אין וויען. און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז אָהן די פערשפּראָכענע שטיצע פון רוסלאַנד וואָלט דער „באַלקאַנישער בונד“ ניט געוואַגט צו טראַכטען וועגען א מלחמה מיט אַזא מעכטיגען שונא, ווי עסטרייך. הינטער דער אַרמיי פון באַלקאַנישען בונד איז געשטאַנען די רוסישע אַרמיי. רוסלאַנד האָט געהאַט א האַנד אין דער שאַפונג פון בונד. ער איז געווען רוסלאַנד'ס אַוואַנגאַרד אויף די באַלקאַנען. דער באַלקאַנישער בונד איז ניט געווען מזלדיג, ער איז צושפּאָלטען געוואָרען אין ערשטען יאָהר פון זיין גרינדונג, די ברידערלאַך האָבען זיך נאָך גוט צוקלאַפּט די ביינער. אָבער סערביען און מאַנטאַנעגראַ, האָבענדיג הינטער זיך די מעכטיגע שטיצע פון רוסלאַנד, זיינען געבליבען ביי זייער פּלאַן — צו בעפאַלען עסטרייך.

הינטער עסטרייך איז געשטאַנען דייטשלאַנד; הינטער דעם באַלקאַנישען בונד — רוסלאַנד. דאָ האָבען מיר דעם צוזאַמענשטויס פון צוויי געגען-שטראָמען — פון פּאַנגערמאַניזם מיט'ן פּאַנסלאַוויזם.

רוסלאַנד'ס שנאה צו עסטרייך שטאַמט פון בערלינער קאָנגרעס (1878), וואו ביסמאַרק האָט בעוויזען צו מאַכען כמעט צו גאָרנישט רוסלאַנד'ס נצחונות אויף די באַלקאַנען. עסטרייך האָט אומזיסט און אומנישט בעקומען א חלק — באָסניען און הערצאַגאָווינא. זייט דאַן האָט עס געהייסען, אַז דיביידע פּראָווינצען שטעהען כלומרשט אונטער דעם שוץ פון עסטרייך — ניט מעהר. די שנאה האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט אין 1908, ווען עסטרייך האָט פאָרמעל אנקעסירט באָסניען און הערצאַגאָווינא. עס איז דאַמאָלס שיער ניט געקומען צו א מלחמה צווישען עסטרייך און רוסלאַנד.

פון דער אַנדער זייט איז מען אין עסטרייך געווען אויפגעבראַכט, וואָס רוסלאַנד פיהרט די לעצטע יאָהרען א העפטיגע פּאָליטישע אַגיטאַציע צווישען די רוטענער אין מזרח-גאַליציען, בוקאָווינא און אונגאַרן. עס איז אָנגעגאַנגען א שטילע מלחמה פון רוסלאַנד געגען עסטרייך אויף דעם גאַנצען מזרח-גרענעץ פון עסטרייך. די ערמאָרדונג פון קרוין-פּרינץ, וועלכע איז אַראַנזשירט געוואָרען מיט רוסישער הילף, האָט

די שטילע מלחמה פערוואַנדעלט אין אַן אָפענע. דערפאַר האָט מען געקוקט אין עסטרייך און דייטשלאַנד אויף עסטרייך׳ס קריעגס־ערקלערונג צו סערביען ווי אויף אַן אַקט פון זעלבסט־פערטיידיגונג געגען פּאַנסלאַוויזם.

אין דער אמת׳ן אָבער איז דער פּאַנסלאַוויזם ווי עס מאָלען איהם די דייטשע שאָוויניסטען, כדי צו פערענטפערען זייער קריעגערישען פּאַנגערמאַניזם, נאָך א גאַנץ פאַנטאַסטישער ענין. דער פּאַנסלאַוויזם אַלס בעוועגונג צונויפצונעהמען אַלע סלאַווישע פעלקער אין איין מעכטיגען פּאָליטישען אָרגאַניזם, מיט רוסלאַנד בראש, — אַזאַ פּאַנסלאַוויזם איז ניטאָ. ער איז אפשר דער אידעאַל פון די רוסישע רעגיערענדע קרייזען, אָבער מען קען בשום אופן ניט זאָגען, אַז אַלע סלאַווישע פעלקער זיינען בעגייסטערט פאַר איהם. מען קען אַפילו ניט זאָגען, אַז דער פּאַנסלאַוויזם איז זיי צום האַרצען.

ווען אין בעהמען איז אַפילו א מאָל געווען צו מערקען א נייגונג צו רוסלאַנד, ווען אַפילו איינינע בעהמישע פּאַנסלאַוויסטען האָבען זיך אויף דערערדט ביז א פּאָליטישער פעראייניגונג מיט רוסלאַנד, איז דאָס שוין איצט ניט מעהר. דער פיהרער זייערער, דר. קראמארזש, נאָכדעם ווי ער האָט זיך נעהענטער בעקענט מיט דער אינערער פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגיערונג, האָט ניט לאַנג צוריק ערקלערט, אַז איהם איז פיעל ליעבער צו זיין אַן עסטרייכישער פּאַטריאָט. ווען פריהער האָבען זיי געקוקט אויף רוסלאַנד, ווי אויף זייער שוץ געגען דייטשטום, דאַרפען זיי עס ניט מעהר — זיי האָבען בעקומען פולע קולטורעלע אויטאָנאָמיע און טיילווייז אויך פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. און די סערבען, ווען זיי רופען צו הילף דעם „עלטערן ברודערל“, ער זאָל זיי העלפען פערווירקליכען זייער נאַציאָנאַלען אידעאַל „גרויס־סערביען“, וועלען קיינמאָל ניט מסכים זיין דערצו, אַז „גרויס־סערביען“ זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין א רוסישע גרויס־סערבישע גובערניע.

אַז מיר וועלען נעהמען די אַנדערע סלאַווישע פעלקער, וועלען מיר אויסגעפינען, אַז ניט נור טראַכטען זיי ניט וועגען די פעראייניגונג פון אַלע סלאַווען אונטער׳ן סצעפּטער פון רוסישען צאַר, נור אַפילו דער געדאַנק וועגען א פעדעראַטיווע פעראייניגונג פון אַלע סלאַווישע פעלקער איז ביי זיי ניט פּאָפּולער. די מעהרסטע סלאַווישע פעלקער קומט אויס צו קעמפפען פאַר זייער נאַציאָנאַלע זעלבסטבעשטימונג ניט אַזוי מיט די דייטשען און אונגאַרן, ווי מיט די סלאַווען גופא. בלויז א טייל פון די פּאָליאַקען, דאָס צווייט־גרעסטע סלאַווישע פאָלק, איז אונטערדריקט פון דייטשען, דער הויפּט־טייל — 20 מיליאָן — האָט נאָך מעהר אויסצושטעהן פון דער רוסישער רעגיערונג. די פּאָליאַקען בעטראַכטען אַלס זייערע שונאים ניט נור די רוסישע רעגיערונג, נור אויך די רוסישע געזעלשאַפט, וועלכע איז זיי פערעמד לויט איהר רעליגיאָן און קולטור. פון דער אַנדער זייט זיינען די פּאָליאַקען גופא, אין גאַליציען, וואו זיי פערנעהמען א פּריווילעגירטען פּלאַץ, די אונטערדריקער פון די רוטענער, און די רוטענער ווידער, אום צו וועהרען זיך געגען די פּאָליאַקען, רופען צו הילף ניט די רוסישע רעגיערונג און ניט די רוסישע געזעלשאַפט, נור די עסטרייכישע דייטשען. וואָרום זיי וויסען, אַז דער גרעסטער צאָהל פון זייערע ברידער, וואָס בעוואוינען דרום־רוסלאַנד — די מאַלאָראָסען — פּיהרען, און וועלען מוזען נאָך לאַנג פיהרען, א קאַמפּף פאַר זייער שפּראַך און קולטור ניט נור מיט דער רוסישער רעגיערונג, נור אַפילו אויך מיט די פרייהייטליכע עלעמענטען פון דער רוסישער געזעלשאַפט. און, צולעצט, דורך וועמען ווערען די סערבען אונטערדריקט אין אונגאַרן? דורך זייערע ברידער, די קראָאַטען, וועמען די אונגאַרישע רעגיערונג בענוצט אַלס בייטש געגען די סערבען. הייגט קען מען אויף אַזאַ אופן ריידען וועגען פּאַנסלאַוויזם, ווי וועגען א מעכטיגער בעוועגונג, וואָס דרינגט דורך די מאַסען פון די סלאַווישע פעלקער? ניין, מען קאָן דאָס ניט בעהויפּטען אַפילו וועגען דער אינטעליגענץ פון די סלאַווישע פעלקער.

דאָך, איז דער פּאַנסלאַוויזם דאָ אַלס אידעע. ווער זשע איז דער טרעגער פון דיעזער אידעע? דאָס זיינען די גרויס־רוסען — די וועליקאָרוסען. דאָ האָט דער פּאַנסלאַוויזם אָנגענומען די פערשיעדענאַרטיגסטע פאָרמען, און איין פאָרם איז אַזוי ניט עהנליך געווען צו דער אַנדערער, אַז עס איז שווער געווען צו זאָגען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט איין און דערזעלבער אידעע. אָבער די אַלע סאָרטען פון פּאַנסלאַוויזם האָבען איין געמיינזאַמען קערן, און דאָס איז, אַז די סלאַווישע ראַסע איז געקומען צו זאָגען אַ „ניי וואָרט“, צו מאַכען אַן איבערקעהרעניש אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, אָבצופרישען דאָס פערפוילטע לעבען פון אייראָפּא. וואָס אָבער דאָס „ניי וואָרט“ דאַרף זיין, אויף דעם האָבען די „קאַזיאָנע“ פּאַנסלאַוויסטען פון די רעגיערונגס־קרייזען געגעבען איין ענטפער און הערצען און באַקונין, האָבען געגעבען אַן אַנדער ענטפער, וועלכער איז פונקט דער היפוך פון ערשטען.

דער פּאָליטישער פּאַנסלאַוויזם, מיט וועלכען די רוסישע געזעלשאַפט איז אָהן צווייפעל אָנגעשטעקט, שטעהט אין א דירעקטער שייכות מיט אַן עלטערער שטרעמונג פון רוסישען געזעלשאַפטליכען געדאַנק — מיט דער „סלאַוויאַנאָפילסטוואָ“ דיעזע לעהרע איז אויפגעקומען אין אָנהייב פון די 40ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט און זי איז געווען דער אויסדרוק פון א נאַציאָנאַלען פּראָטעסט געגען דעם בלינדען נאָכגעהן און נאָכטהאָן מערב־אייראָפּא. געגען איהר האָבען זיך גע־

שטעלט די אָנהענגער פון קולטורעלען מערב — די „זאַפּאַדניקעס“, און אין דער פּאָלעמיק מיט די זאַפּאַדניקעס האָט די טעאָריע זיך פאָרמולירט און בעפעסטיגט. איהרע שעפּפער זיינען געוועזען כאָמיאַקאָוו און איוואַן קירעיעווסקי. און מערקווירדיג, כדי צו בעגרינדען די טעאָריע פון דער רוסישער נאַציאָנאַלער אייגענאַרטיגקייט האָבען זיי זיך אויסגעהאָלפען מיט דער פילאָזאָפישער לעהרע פון דעם דייטש העגעל. יענער האָט געלערנט, אַז די מענשהייט ענטוויקעלט זיך שטופענווייז, זי הויבט זיך פון שטופע צו שטופע, און צו יעדער נייער שטופע ווערט זי דערהויבען דורך אַן אַנדער נאַציאָן. די העכסטע שטופע האָט די מענשהייט דערגרייכט דורך די דייטשען. זיינען געקומען די „סלאַוויאַנאָפילען“ און האָבען געדרש'ענט ווייטער: צו נאָך אַ העכערער שטופע וועט די מענשהייט קומען דורך די רוסען. די אייראָפּעאישע קולטור האָט זיך אויסגעלעבט, זי דאַרף אויפנעהמען אַ נייעם עלעמענט, אַ פערבאָרגענעם עלעמענט אין אַ ניי ערוואַכטער אומה, וואָס איז ביז אהער ניט געוועזען אָנגעזעהן אין דער געשיכטע. דאָס איז די סלאַווישע אומה, און הויפּטזעכליך איין שטאַם פון סלאַווישער אומה — די רוסען.

פּראַקטיש האָבען די „נייע־וואָרט זאָגער“ גערופען צו פערטיידיגען די אַלטע הייליגטימער: „אָרטאָדאָקסיע, זעלבסטהערשאַפט, פאָלקסטום“ (פּראַוואָסלאַוויע, סאַמאָדערזשאַוויע, נאַראָדנאָסט). אין נאָמען פון דיזע הייליגטימער האָט ניקאָלאַי דער ערשטער געפייניגט דאָס רוסישע פאָלק. אָבער אין מויל פון די „סלאַוויאַנאָפילען“ האָבען זיי געקלונגען גאַנץ שעהן, זיי האָבען אַריינגעלעגט אַ נייעם זין אין די אַלטע ווערטער. אָרטאָדאָקסיע האָט ניט בעדייט די רוסישע שטאַאַטסקירכע, נור די פרייע קריסטען־געמיינדע, וועלכע זוכט צו פערווירקליכען דעם „אמת אין אונז“. זעלבסטהערשאַפט איז דערמיט גוט, וואָס זי האַלט די גוטע קריסטען ווייט פון פּאָליטישען יריד, לאָזט זיי זיך נישט טומלען מיט ענינים, וואָס ווענדען אָב זייער זין פון די גייסטיגע אמת'ן. און פּאָלקסטום מיינט — ניט דעם אָפיציעלען רעגיערונגס־פּאַטריאָטיזם, נור די פּאָלקס־נשמה, וועלכע לעבט און ענטוויקעלט זיך נאָך איהרע אייגענע געזעצען. איהר געהען גאָר ניט אָן די פּאָליציישע שטאַאַטליכע עקספּערימענטען, יועלכע ווערען געמאַכט איבער איהר.

דיזע געדאַנקען זיינען געווען אַבסטראַקט. נור צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער, וועלכער אין זיין דעספּאָטיזם האָט זיך אויף געשטיצט אויף „אָרטאָדאָקסיע, זעלבסטהערשאַפט, פּאָלקסטום“, האָט זיך דערשראָקען פאר דעם נייעם פּרויו אויף זיי. די מפּרשים זיינען איהם שטאַרק פערדעכטיגט געוואָרען, און ער האָט בעפוילען גוט אַכטונג צו געבען אויף זיי.

די „זאַפּאַדניקעס“, די געגנער פון די „סלאַוויאַנאָפילען“, האָבען פערטיידיגט די פּרינציפּען פון דער אייראָפּעאישער קולטור. צווישען זיי זיינען די אנגעזעהענסטע געוועזען בעלינסקי, הערצען, גראַנאַווסקי. אָבער די נאַציאָנאַלע שטימונג איז זיי אויך ניט פרעמד געוועזען. הערצען איז זיך מודה, אַז „מיר אַלע, סיי די „זאַפּאַדניקעס“, סיי די סלאַוויאַנאָפילען זיינען געוועזען דורכגעדרונגען מיט אַן אונענדליכער ליעבע צום רוסישען פאָלק, צום רוסישען ארט דענקען און פיהלען.“

אַלעקסאַנדער הערצען, דער שפּעטער בעריהמט געוואָרענער „לאָנדאָנער עמיגראַנט“, דער אַרויסגעבער פון „קאָלאָקאָל“, האָט אין 1847 פערלאָזען רוסלאַנד. ער איז שוין דאַן געוועזען אַ סאָציאַליסט, אַן אנהענגער פון פוריע און סען־סימאָן. די רעוואָלוציאָנען פון 1848, וועלכע האָבען זיך דורכגעטראָגען דורך אייראָפּא, האָבען איהם שטאַרק ענטטוישט — אייראָפּא האָט ניט פערווירקליכט זיינע סאָציאַלע אידעאַלען. און ער האָט זיך אויך אָבגעקעהרט פון פערפוילטען „מערב“ און צוזאמען מיט די סלאַוויאנאפילען האָט ער גענומען גלויבען נאָך הענעלן, אַז יעדעס פאָלק האָט זיין מיסיאָן, און אויך, אַז די רוסען זיינען בערופען צו זאָגען דער מענשהייט א „ניי וואָרט“. וואָסשע איז דאָס ניי וואָרט? דאָס „ניי וואָרט“ איז די רוסישע פויערים־געמיינדע. דאָס איז דאָס קערנדעל, פון וועלכען עס-וועט אַרויסשפּראָצען די אלוועלטליכע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

אַ צווייטער רוסישער רעוואָלוציאָנער מיכאאיל באַקונין האָט צו הערצענס גלויבען אין דער רוסישער פויערים־געמיינדע נאָך צוגעגעבען זיין אייגענעם גלויבען אין דער אידעע פון פעדעראציאָן, וואָס די סלאַווישע פעלקער זיינען בערופען דורכצופיהרען אויף צו להכעיס די דייטשען, וועלכע זיינען די פאָרשטעהער פון דער אידעע פון צענטראַליזאַציאָן. איידער ער איז צוגעשטאַנען צום אַרבייטער־„אינטערנאַציאָנאַל“ האָט ער אַ צייט לאַנג געפּרעדיגט די רעוואָלוציאָן פון אַלע סלאַווען מיט דעם צוועק צו שאַפען פון אונטען אַרויף אַ פרייע פעדעראציאָן פון אַלע סלאַווישע פעלקער. עס איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז קאַרל מאַרקס האָט פון אָנפאַנג חושד געווען הערצענען און באַקונינ'ען, אַז זיי זיינען געהיימע אגענטען פון דער רוסישער רעגיערונג, וועלכע זוכט דורך די סלאַווען צו בעהערשען גאַנץ אייראָפּא.

אין אַ געוויסען זין קען מען זאָגען, אַז די נאכפאָלגער פון באַקונינ'ען אין רוסלאַנד, די „נאַראָדניקעס“ האָבען אויך געטיילט דעם גלויבען פון די סלאַוויאַנאפילען אין דער מי־

סיאָן פון רוסישען פאָלק צו בעניינען אייראָפּאַ. אָבער ניט דורך דער אָרטאָדאָקסיע, נור דורך די פּויערים געמיינדע: דער רוסישער פּויער וועט געבען דעם סיגנאַל צו דער סאָציאַליסטישער איבערקעהרעניש אין גאַנץ אייראָפּאַ. דאָס איז געווען דער רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישער פליגעל פון „סלאַוויאַנאָפילסטוואָ“.

אָבער די עכטע „סלאַוויאַנאָפילסטוואָ“, נאָך׳ן טויט פון איהרע גרינדער און זייערע ערשטע תלמידים אקסאקאוו און סאַמאַרין, האָט גענומען זיך אנטוויקלען אַלץ מעהר נאָך רעכטס — זי האָט זיך געשטעלט אין דיענסט פון זעלבסטהערשאַפט און רעאַקציע. „סלאַוויאַנאָפילסטוואָ“ האָט גענומען איבערגעהן אין פּאַנסלאַוויזם.

שוין אין די 50ער יאָהרען האָט דער פּובליציסט און קריטיקער אַפּאָלאָן גריגאָריעף זיך אויסגעדריקט, אַז ער און זיינע חברים די „סלאַוויאַנאָפילען“ הייבען ניט אָן צו טרויען די ליאכען (פּאָליאַקען) און די אוקראַיאינצעס (מאַלאָראָסען). זיי זיינען ניעדריגערע מינים אין פערגלייך מיט די גרויס־רוסען. אָבער דער אמת׳ער פאטער פון מאָדערנעם קריגערישען פּאַנסלאַוויזם, איז דאַנילעווסקי וועלכער האָט אין אָנהויב פון 70 יאָהרען געגעבען די עקרים פון פאַנסלאַוויזם אין זיין בוך „רוסלאַנד און אייראָפּאַ“.

דאַנילעווסקי איז אַ נאַטור־פאָרשער. ער געהט אַרויס ניט פון העגעל׳ס פילאָזאָפיע, נור פון דאַרוויניזם. אין דער נאַטור קעמפּפען די מינים, אין דער געשיכטע „קולטור־היסטאָרישע טיפּען“. דער העכסטער טיפּ איז איצט דער סלאַווישער, וועלכער דאַרף דאַרום פערדרענגען די אבגעלעבטע טיפּען פון אייראָפּאַ.

אַ גרויס־געדאַנק געהט דורך דורך דאַנילעווסקי׳ס בוך. אייראָפּאַ איז ניט נור פרעמד, נור אויך פיינדליך צו רוסלאַנד. אייראָפּאַ און רוסלאַנד האָבען ניט קיין געמיינזאַמע אינטערעסען. די רוסישע שטאַאַטס־מענער דאַרפען זיך אבזאָגען פון יעדער סאָלידאַריטעט מיט אייראָפּאַ, זיי דאַרפען האָבען אין זין רוסלאַנד׳ס „איינציגען און אונפערענדערליכען ציעל“.

וואָס איז דאָס פאַר אַ ציעל? די שאַפונג פון אַ סלאַווישער פעדעראַציע מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל אלס הויפּט־שטאָדט. די פּאָליאַקען זיינען אויסגעשלאָסען פון דער פעדעראַציע — זיי האָבען פערראַטען דעם ריינעם „קולטור־היסטאָרישען“ סלאַווישען טיפּ, זיי וועט מען מיט געוואַלט אַסימילירען. פערקעהרט, מיטגליעדער פון דער פעדעראַציע וועלען מוזען ווערען, מיט גוטען אָדער מיט ביי־זען, פּאָלגענדע ניט סלאַווישע פעלקער: אונגאַרען, גריכען, רומענער. כדי דורכצופיהרען דעם פּלאַן, וועט רוסלאַנד מוזען צוברעכען, נאָך אַ שוידערליכער מלחמה מיט גאַנץ אייראָפּאַ, עסטרייך־אונגאַרן און טערקיי.

דאַנילעווסקי׳ס בוך האָט געמאַכט אַ רושם אין מאַנכע קרייזען פון דער רוסישער געזעלשאַפט. אָבער זיין הייסעסטער אנהענגער איז געוואָרען אויף דער עלטער דער בעריהמטער רוסישער ראָמאַניסט דאָסטאָיעווסקי. אין זיין „טאָגעבוך פון אַ שרייבער“ פערטיידיגט ער מיט הארץ און מאָכט די פיינסטערסטע רעאַקציאָנערע אנשויאונגען און דריקט אויס זיין האָפנונג, אַז דאַנילעווסקיס בוך וועט זיך געפינען אין הויז פון יעדען עכטען רוסען און זאָגט אויך נביאות וועגען דער עראָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און וועגען דער קינפטיגער מאַכט פון סלאַוועטום.

פאַר דאַנילעווסקי׳ס אַ תלמיד קאָן מען אויך רעכענען דעם אָפיציעלען טעאָרעטיקער פון דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט — ק. לעאָנטיעוו. יענער האָט זיך דאָס דערערדט ביז צו דעם בעריהמטען אפאריזם, אַז „פאַר רוסלאַנד׳ס טובה דאַרף מען עס איינפריערן“. זיינע אנשויאונגען זיינען געווען אַזעלכע, אַז די פאַטערס פון „סלאַוויאַנאָפילסטוואָ“ וואָלטען זיך מיט שוידער אָבגעשאָקעלט פון איהם.

די רוסישע ביוראָקראַטיע האָט זיך צוגעפּאַסט צו דאַנילעווסקי׳ס טעאָריע, ווי צו אַ אבן־טוב. ביז אַהער האָט זי קיין אידעע ניט פערמאָגט, נור דריי ווערטער: אָרטאָדאָקסיע, זעלבסטהערשאַפט און פאָלקסטום. איצט האָט די ביוראָקראַטיע, וועלכע בעשטעהט מעהרסטענטיילס פון עכטע דייטשען, געוואָגט זיך אַרויסצושטעלען אלס די רעטערין און בעפרייערין פון סלאַוועטום. דיעזע מיסיאָן וועט דיענען פון איצט אָן צו פּעראיידלען די פּאָליטיק פון דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט. עס וועט הייסען, אַז די זעלבסטהערשאַפט, ווען זי שטיקט און דריקט דאָס רוסישע פאָלק, אָפּפערט זי זיך דאָס פאַר אַ גרויסען אידעאַל: פאַר דעם טריאומפף פון סלאַוועטום אויף דער וועלט.

אָבער בעזונדערס אויפגעבליהט האָט דער פּאַנסלאַוויזם ערשט נאָכדעם, ווי די ספּעציעל רוסישע ערפינדונג, די „קאָנסטיטוציאָנעלע זעלבסטהערשאַפט“ האָט זיך בעפעסטיגט אין סטאָליפּין איז עולה לגדולה געווען. סטאָליפּין, וועלכער האָט אין דער אינערליכער פּאָליטיק אוועקגעגעבען דעם אויבען אָן דעם ווילדעסטען נאַציאָנאַליזם — דעם שאַוויניזם, האָט נאַטירליך אין דער אויסערער פּאָליטיק זיך געלאָזט פיהרען פון דער פּאַנסלאַוויסטישער אידעע אין איהר ווילדעסטער פאָרם, וועלכע מען וואָלט געקענט ריכטיגער אָנרופען — „פּאַנרוססיזם“. געשטיצט האָט ער זיך אויף דעם קלאַס אַדעליגע גוטסבעזיצער, וואָס פאַר זייערע אינטערעסען פּאַסען זיך אויסגעצייכנעט אי דער שאַוויניזם אי דער פּאַנסלאַוויזם. זייער טאַ־

לענטפּאָלער ליטעראַרישער פּאָרשטעהער איז מענשיקאָוו פון „נאָוואָיע ווערעמיא“.

* * *

שוין דאַנילעווסקי אין זיין בוך „רוסלאַנד און אייראָפּאַ“ האָט אָנגעוויזען, אַז אַזוי ווי אַלע אייראָפּעאישע לענדער זיינען פאַר רוסלאַנד טמא, איז דעריבער, ווען די רוסישע רעגיערונג זוכט זיך בונדס־אברים אין אייראָפּאַ, זאָל זי ניט איבערקלייבען צי זיינען זיי שוואַרץ, צי רויט, צי זיינען זיי מאָנאַרכיסטיש, צי רעפּובּליקאַניש, אבי דער בונד מיט זיי קען זיין אַ טובה פאַר דער סלאַווישער אידעע. און מיר זעהען טאַקי: נאָך אונטער אַלעקסאַנדער דעם דריטען האָט זיך אָנגעהויבען די דערנעהענטערונג צווישען רוסלאַנד און פראַנקרייך. ניקאָלאַי דער צווייטער האָט פאָרטגעזעצט די פּאָליטיק און האָט אַריינבעקומען פאַר א חבר אין בונד ענגלאַנד. אַזוי איז ענטשטאַנען דער אוננאַטירליכער בונד פון די דריי, וואו צוויי מיטגליעדער זיינען די פרייעסטע לענדער אין אייראָפּאַ און דער דריטער דאָס רעאַקציאָנערסטע לאַנד אין דער וועלט.

מען דאַרף ניט צושרייבען דיעזען ערפאָלג פון דער רוסישער דיפּלאָמאַטיע צו איהר חכמה און פעהיגקייט. דאָ האָבען מיטגעשפּיעלט פּיעלע אורזאַכען. עס וואָלט פערנומען צו לאַנג צו ריידען וועגען זיי. דאָ וועלען מיר נור דערמאָהנען צוויי פון די אורזאַכען: אין פראַנקרייך האָט זיך אַלץ געשטאַרקט די אידעע פון רעוואַנש. זי האָט געמאַכט פערגעסען די פראַנצויזישע געזעלשאַפט וועגען אַלץ, — אויך וועגען דער שאַנדע פון א בונד מיט'ן קאָזאַקישען צאַר. ווייטער האָט די מלחמה מיט יאפּאַן בעוויזען, אַז עס איז אַן איינגערעדטע זאַך, אַז רוסלאַנד וועט ווען עס איז זיין בכוח צו בעהערשען די וועלט. פון דער זייט איז קיין געפאַהר ניטאָ, און ענגלאַנד האָט בעשלאָסען שלום צו מאַכען מיט אַן אַלטען שונא—רוסלאַנד, כדי אויסצוניצען איהם געגען אַ מעכטיגערען קאָנקורענט — דייטשלאַנד.

מיר האָבען פריהער דערמאהנט, אַז די וואַרימסטע אונטערשטיצער פון פּאַנסלאַוויזם זיינען די אדעליגע גוטסבעזיצער, וואָס זייער מוילהעלד איז מענשיקאָוו, דער בילער פון „נאָוואָיע ווערעמיא“. אָבער אַז דער רוסישער קאַפּיטאַל וואָלט זיך ניט אָבגעזאָגט צו ציהען נוצען פון פּאַנסלאַוויזם, איז צו זעהען דערפון, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט, שוין ניט ריידענדיג וועגען די אָקטיאַבריסטישע נאָכזאָגער פון פּאַנסלאַוויזם, אַן עכטען כשר'ן ליבעראַל, פּעטער סטרובע,—פאַר א פּאַנסלאַוויסטישען לויבּרעדנער.

סטרובע איז געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע לעגאַלע מאַרקסיסטען פון די 90ער יאָהרען. אין אָנהויב פון די 900טער יאָהרען האָט ער זיך געשטעלט אין דיענסט פון די רוסישע ליבעראַלען, און האָט רעדאַקטירט פאַר זיי אַן אונלעגאַלען זשורנאַל „אָסוואָבאָזשדעניע“. נאָכדעם ווי דער רעוואָלוציאָנס־שטורם איז אַריבער, האָט ער מיט אַנדערע געוועזענע מאַרקסיסטישע ליטעראַטען, ווי בערדיאַיעוו, בולגאַקאָוו, גענומען אויפפאָדערן די רוסישע אינטעליגענץ אָבצוזאָגען זיך פון „פּאַרבלאָזען קאָסמאָפּאָליטיזם“ און אָנצונעהמען אַ „נאַציאָנאַלען פּנים“. ער אליין איז שוין געקומען אין אזא מדרגה, דאָס אין זיין זשורנאַל „רוסקאיא מיסל“ האָט ער גענומען אָפען פרעדיגען, אַז אַלע פעלקער, וואָס בעוואוינען רוסלאַנד, דאַרפען זיך צונויפגיסען אין איין רוסישע נאַציאָן. זייענדיג אַ מיטגליעד פון דער קאדעטישער פּאַרטיי, מוסר'ט ער אָפט די רעגיערונג פאַר איהר „נאַציאָנאַלע“ פּאָליטיק, אָבער נור דערפאַר, וואָס זי געהט אָן מיט געוואַלט אין איהר נאַציאָנאַליזירונגס־אַרבייט. דאָס קען נור אָבשטויסען די פעלקער פון איהר, אנשטאט זיי זאָלען איהר העלפען פערווירקליכען די גראַנדיעזע אידעע פון „גרויס רוסלאַנד“. ער איז אַן אנהענגער פון דער ענגלישער מעטאָדע, פון דער פריעדליכער ערָאָבערונג פון נאַציאָנען“.

אָבער די פּאַנסלאַוויסטישע פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגיערונג האָט בעקומען די הסכמה פון נאָך אַ וויכטיגערען פאָרשטעהער פון רוסישען ליבעראַליזם. ניט קיין אַנדערער, ווי העררמיליוקאָוו אַליין, דער פיהרער פון דער קאדעטישער פּאַרטיי, איז געווען דער הויפּט־בעל־יועץ פון דעם רוסישען אויסלענדישען מיניסטער סאַזאָנאָוו, ווען יענער איז געווען בעשעפטיגט מיט דער שאַפונג פון באַלקאַנישען בונד. די קאדעטישע צייטונג „רעטש“ איז דאַמאָלס געווען פעררעכענט פאַר דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון רוסישען אויסלענדישען מיניסטעריום.

מיר זעהען, אַז דער פּאַנסלאַוויזם האָט געלאָזען טיעפע וואָרצלען אין דער רוסישער געזעלשאַפט. עס דאַרף קיין צווייפעל ניט זיין, אַז די איצטיגע מלחמה איז אין לאַנד אַ סך פּאָפּולערער פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער. די רוסישע רעגיערונג ווערט געוויס געשטיצט פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, כאָטש זי איז געבליבען ווי געווען — רעאַקציאָנער.

פּאַנסלאַוויזם, אַלס אַן אַלסלאַווישע בעוועגונג, איז ניטאָ. אויף וויפיעל זי איז דאָ מיינט עס די עראָבערונגס־פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגיערונג. דערפאַר טאַקע קאָן מען ביז א געוויסען גראַד זאָגען, אַז די מלחמה, וואָס עסטרייך און דייטשלאַנד פיהרט מיט רוסלאַנד, איז א מלחמה פון פּאַנגערמאַניזם געגען פּאַנסלאַוויזם.

דר. א. יאַרמאָלינסקי

די לעגענדע פון „אייביגען איד“ אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור

אין יהודה, דעם הייליגען לאַנד,
איז אַמאָל געווען אַ שוסטער...
געטהע.

אין דעם ערשטען ארטיקעל וועגען „אייביגען איד“*) האָבען מיר נאָכגעפאָלגט די ענטוויקלונג פון דער לעגענדע וועגען געהיימניספאָלען אידען, וועלכער איז בעשטראָפט געוואָרען מיט אייביגען נע־ונד פאַר לעסטערען קריסטוס. דער לעזער האָט זיך בעקענט מיט די פערשיעדענע פאָרמען פון דער לעגענדע, וועלכע האָבען צופעליג פערבלאָנזשעט אויף די זייטלאַך פון די מיטעלאַלטערליכע כראָניקעס. דאָ איז עס געווען א פרומע מעשה, וואָס איז געבראַכט געוואָרען מעבר לים פון די רייזענדע מאָנאַכען און מיט וועלכער מען פלעגט זיך אונטערהאַלטען אין די קלויסטערס ביי די מאָהלצייטען; דאָ אן אויפרעגענדער קלאַנג, וואָס פלעגט זיך טראָגען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָדט צו שטאָדט און אנפילען די איינפאכע הערצער פון פאָלק מיט פחד. דער לעזער האָט ווייטער געזעהן, ווי אַזוי מיט 300 יאָהר צוריק, אין אָנהויב פון 17טען יאָהרהונדערט האָט די לעגענדע אָנגענומען אַ נייע פאָרם — די פאָרם פון א אונגעלומפערטער מעשה מיט אן אנטיסעמיטישען און מיסיאָנערסקען מוסר השכל. דער אייביגער וואנדערער ווערט דאָ ענדליך און אויף שטענדיג צונויפגעגאָסען מיט דער געשטאַלט פון א אידען. און זייט דעמאָלט נעהמט די לעגענדע וואקסען, זי ציהט צו צו זיך פערוואנדטע לעגענדארישע פיגורען, פערשלינגענדיג און קאָמבינירענדיג עהנליכע שטריכען פון אנדערע לעגענדען, וואָס האָבען דאמאלס זיך ארומגעטראגען אין דער לופטען.

דעם שטוים דערצו האָט געגעבען אַ מאגער דייטש פאָלקסביכעל פון אן אונבעקאַנטען פערפאסער, וואָס איז ערשיענען אין 1602. און ווען די לעגענדע האָט זיך איינגעוואָרצעלט און בעפעסטיגט אין פאָלקס־בעוואוסטזיין, האָט זי גענומען ווירקען אלס פאָעטישער סימבאָל אויף דער קינסטלערישער ליטעראַטור. דאָס איז אלע מאָל אַזוי דער פאל. אָנהויבענדיג פון האָמער'ס פאָעמען און דער אלט־גריכישער טראגעדיע און ענדיגענדיג מיט געטהע'ס „פויסט“ און שעללי'ס „פראָמעטעאוס“ — זיינען זיי אַלע פאָלקס־לעגענדען, וואָס זיינען דערהויבען געוואָרען צו קונסט־פערלען דורך דער שעפפערישער קראפט פון אן אינדיווידועלען זשעני. דאָס איז איינער פון די פיעלע ביישפיעלע פון דעם געגענזייטיגען אויסטויש צווישען דעם אינדיווידואום און דער געזעלשאַפט.

אונזער לעגענדע איז געוואָרען אן אמת'ער אוצר פאַר די פאָעטען. דער „אייביגער וואנדערער“ האָט אַריינגעמאַרשירט אין דער ליטעראטור צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט, אין דער פעריאָדע פון ראָמאַנטיק, ווען ביי די שריפטשטעלער און ביי דעם לעזע־פובליקום האָט ערוואכט דער אינטערעס צו דער פערגאנגענהייט, צום פאָלק און זיינע שעפפונגען. זייט דעמאָלט האָט אַהאספער — ווי דאָס ביכעל פון 1602 האָט איהם אַ נאָמען געגעבען — אַ חוץ זיין אייגענעם פאק צרות, וואָס ער טראָגט זייט 2000 יאָהר, גענומען אויף זיך נאָך פרעמדע צרות — ער האָט פארבונדען זיין שיקזאל מיט דעם שיקזאל פון דער ליטעראטור. ער האָט גענומען מיטמאַכען אַלע איהרע אומוואנדלונגען. ער ערשיינט אַלס הויפט־העלד אָדער זייטיגע פערזאָן אין די פערשיעדענאַרטיגסטע ווערק. דאָ מישט ער זיך דירעקט אַריין אין דעם וועלט־טומעל, דאָ איז נור אַ צושויער, וואָס קוקט אויפ'ן לעבען פון אויבען אַראָב; דאָ איז ער א ערדישע געשטאַלט, דאָ אַ שאטען ניט פון דער וועלט. דאָ איז ער אַ סימבאָל פון דער אייביגער טראגעדיע פון דער מענשליכער אונבעהאָלפענקייט, דאָ אַ טרעגער פון א גראנדיעזער פילאָזאָפישער סיסטעם. און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער אייביגער וואנדערער ערשיינט אַזוי פערשיעדענאַרטיג. עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ לעגענדע, וואָס זאָל אַזוי רייצען די פאנטאַזיע. די לעגענדע בעריהרט אן אייביגע סטרונע אין מענשליכען האַרצען, זי ווערט דארום די טיעפסטע געפיהלען, און פאר די טיעפסטע געפיהלען האָט דער מענש די פערשיעדענאַרטיגסטע נעמען.

ווען מיר טרעטען צו צו אונזער איבערזיכט פון די פאָעטישע פערקערפערונגען פון „אייביגען וואַנדערער“, בעגעגענען מיר זיך צו־

*) „צוקונפט“, מאַי, 1914.

ערשט מיט דעם אָלימפּיער געטהע. דיזער גרע־
סטער זשעני פון דייטשען פאָלק האָט זיך פון יוגענד אָן אַרומגעטראָגען מיט א פּראָיעקט פון אַגראַנדיעזער פאָעמא וועגען אהאספער'ן, וואָס האָט געזאָלט אַרומכאַפּען די גאַנצע רעליגיעזע געשיכטע פון אייראָפּא. דער פּלאַן איז געבליעבען ניט דורכגעפיהרט, אָבער די פראַגמענטען, וואָס זיינען אונז פערבליעבען, גיבען א קלאָרען בעגריף פון דעם, ווי אזוי געטהע האָט פערשטאַנען די טראַגעדיע פון „אייביגען וואַנדערער". דאָך, דעם פאָלשטענדיגען בעגריף וועגען געטהע'ס פּלאַן בעקומען מיר ניט אזוי פון די פראַגמענטען, וועלכע זיינען 7 אין צאָהל, ווי פון א געוויסער שטעלע אין זיין אויטאָגראַפיע — „דיכטונג און ווארהייט". דאָרט איז דער פּלאַן אזא: אהאספער, א שוסטער פון ירושלים, איז אייגענטליך א גראָבער נפש, מיט וואָכעדיגע אינטערעסען. דאָס איינציגע, וואָס טראָגט אריין עדעלקייט אין זיין געמיט, איז זיין אינערליכע צוגעבונדענקייט צו קריסטוסען. דער מאַן פון נצרת שטעלט זיך אָפט אָב ביים שוועל פון זיין ווארשטאט און לאָזט זיך אריין מיט איהם אין רעליגיעזע געשפּרעכען, ווי סאָקראַט פלעגט דאָס טהאָן. דער שוסטער האָט איהם שוין ניט איינמאָל דערמאָהנט, אז עס איז שוין לאַנג צייט, אז ער, קריסטוס, זאָל אויפהערען צו חקירה'ן זיך גלאַט אין דער וועלט אריין און אַרומשלעפּען זיך מיט אַלערליי אויסוואורפען; זאָל ער בעסער גיהן שאַפען אַן ערנסטע פּאָליטישע פּאַרטיי, כדי מיט איהר הילף צו דערגרייכען א וויכטיגען ערדישען צוועק. באַלד דרעהט זיך דאָס רעדעל איבער און דער פריער וואַנדערפויגעל, קריסטוס, איז שוין א געפאַנגענער. אָט זעהט שוין אהאספער, ווי קריסטוס ווערט געפיהרט צו דער קרייציגונג. זיין האָפנונג, אז קריסטוס זאָל פערווירקליכען אַן אייגענע מלוכה, איז צושטערט, און ער לאָזט אויס זיין ביטער הארץ צו דעם מאַן, וואָס האָט איהם גענאַרט. קריסטוס ענטפערט איהם ניט, ווייל גראַד אין דעם מאָמענט האָט ווערוניקא, וועלכע ליעבט קריסטוס'ען, בעדעקט זיין געזיכט מיט א לייוואַנד. איז געשעהן א נס און אויפ'ן לייוואנד האָט זיך אָבגעמאָהלט קריסטוס'עס פנים. איבעראַשט פון דיזען נס קעהרט אהאספער אָב זיינע אויגען און דאַן הערט ער א שטימע: „דו וועסט וואַנדערען אויף דער ערד ביז דו וועסט מיך נאָך א מאָל זעהן אין אזא געשטאַלט". פון דאַמאָלסט אַן איז אהאספער נע־ונד.

געטהע'ס כונה איז קלאָר:

אהאספער—דאָס איז דער שיקזאַל פון א מענשען, מיט א קאַלטען, ניטכטערן שכל, וועלכער קאָן ניט געפינען זיין גאָט. זיין לעבען פערברענגט ער אין פינסטערנים, געגעסען פון צווייפעל, ניט דער־ווארעמט פון ענטהוזיאזם. די אויפפאַסונג איז גענִיאַל איינפאַך און גענִיאַל טיעף. אהאספער — דאָס איז די אייביגע טראַגעדיע פון אונגלויבען און גייסטיגער פרוכטלאָזיגקייט

א חוץ דער פּסיכאָלאָגיע פון אייביגען וואַנדערער, האָט געטהע געהאַט נאָך אַן אנדער ציעל אין אויג: זיין בליק אויף קריסטענטום האָט זיך צו יענער צייט ראדיקאַל געענדערט. ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון קירכען־קריסטענטום, פון וועלכען עס האָט ביסלעכווייז זיך אָבגעטהאָן דער לעבעדיגער גייסט. קריסטענטום האָט זיך פערוואַנדעלט אין זיין געגענזאַץ. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין קדושה און זיך געענדיגט אין טומאה. אהאספער האָט דאָס געזאָלט זיין אַן עדות פון די אַלע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין קריסטענטום פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ.

אין זיין „איטאַליענישע רייזע" שרייבט געטהע: „זיך דערנעהענטערנדיג צו רוים, דעם מיטעלפונקט פון קאַטאָליציזם, ארומגערינגעלט פון קאַטאָליקען, איז מיר אזוי מאָדנע קלאָר געוואָרען, אז פון אמת'ן קריסטענטום איז שוין לאַנג פערלאָרען געגאַנגען יעדע שפור. איז מיר געקומען אויפ'ן זין דער אייביגער איד, דער איינציגער עדות, וועלכער האָט צוגעזעהן, ווי אזוי דיעזע מערקווירדיגע ענטוויקלונג אין קריסטענטום איז פאָרגעקומען און וועלכער קען נאָך אַמאָל דערלעבען צו זעהן, ווי אַזוי קריסטוס, ווען ער וועט קומען אָנקוקען די פרוכט פון זיין לעהרע, וועט שטעהן אין געפאַהר נאָך אַמאָל געקרייציגט צו ווערן. יענע לעגענדע מיט איהר וואָרט: „איך געה נאָך אַמאָל געקרייציגט ווערן" זאָל מיר געבען דעם שטאָף צו שילדערן די קאַטאַסטראָפע".

געטהע האָט דאָ אין זין די אזוי גערופענע „גאָלדענע לעגענדע", וועלכע איז פערשריעבען אין „די לעבענסגעשיכטען פון די הייליגע" (13טער יאָהרהונדערט): אַפּאָסטאָל פּעטער אַנטלויפט פון רוים זיך צו רעטען פון די פערפאָלגונגען. אויפ'ן וועג בעגעגענט ער קריסטוס'ען, וועלכער געהט קיין רוים. „וואוהין געהסטו, מיין הארר?" — פרעגט איהם פּעטער — „איך געה נאָך אַמאָל געקרייציגט ווערן" — איז געוועזן קריסטוס ענטפער.

די אַנדערע פריהערע ווערק, וואָס בעהאַנדלען די טהעמא פון אהאספער, זיינען אָפט ליריש און ריהרענד, אָבער קיין טיעפען זין ענטהאַלטען זיי ניט. ביי שובערט'ן איז ער א טויזענד־יעהריגער אַלטער, וועלכער קלאָגט זיך אויף זיין מיעדקייט, איז מקנא דעם שיקזאַל פון אַליז, וואָס פערגעהט. ער האָט נור איין וואונש — אנטשלאָפען צו ווערען אין שויס פון טויט. עס עקעלט איהם שוין צו

קוקען, ווי די תאוה'דיגע צייט, שווענגערט דור איין דור אויס מיט מענשען־קינדער און געבערט זיי, כדי שפּעטער זיי אויסצושלאַכטען, און ער בענקט נאָך דעם ניט זיין. די מאָס פון מענשליכען לעבען טאָר ניט איבערגעטראָטען ווערען — דיזע אידעע האָבען די אַלטע גריכען אויסגעדריקט אין דער זאַגע וועגען טיטהאָן. אין איהם האָט זיך פערליעבט עאס, די געטין פון פריה־מאָרגען רויטקייט, מיט די „ראָזען־פינגער“, און זי האָט איהם בעשאָנקען מיט אונשטערבליכקייט, אָבער אָהן אייביגער יוגענד. אויף דער עלטער ווערט פאַר איהם די אונשטערבליכקייט א קללה.

ביי שובערט'ען איז די לעגענדע געגעבען אין א קליין געדיכט, וואָס האָט געזאָלט, לויט דעם פערפאַסער'ס ווערטער, אריינגעהן אַלס טייל אין א גרעסערע פּאָעמא. די פּאָעמא האָט געדאַרפט אהאספער'ן פאָרשטעלען שטעהענדיג אויף א שפּיץ בארג. ער זעהט אַלע צייטען און רוימען, און דערצעהלענדיג וואָס ער זעהט, וויקעלט ער פאַר אונז פונאַנדער איין בילד נאָך'ן אנדער'ן — די גאַנצע וועלט־געשיכטע.

געטהע און שובערט זיינען געווען די פּיאָנערען. זיי האָבען אָנגעצייכענט די ריכטונג, אין וועלכער עס האָבען זיך אַוועקגעלאָזען די שפּעטערע פּאָעטען און דענקער. איינע האָבען געפּרובט פערטיעפען דעם זין פון דער לעגענדע. זיי האָבען געפּרובט אריינדרינגען אין אהאספער'ן מעגליכע איבערלעבונגען. ער איז ביי זיי דער טרעגער פון דער אָדער יענער וועלט־אנשויאונג. ביי אנדערע איז אהאספער נור א מיטעל צו מאהלען קונסט־בילדער פון דער וועלט־געשיכטע. דער זיך גריבלענדער געדאַנק פּאָרט זיך מיט דער שאַפענדער פּאַנטאַזיע, א פילאָזאָפישע אידעע מיט א פּאַנטאַסטישער זעהונג.

איינע פון די מערקווירדיגסטע אויסטייטשונגען פון דער לעגענדע האָט געגעבען שעללי. ביי איהם שטאַמען אהאספער'ס ליידען פון גאָט'ס בייזען ווילען. דיעזער בעריהמטער ענגלישער ראָמאַנטיקער איז אין דער יוגענד געווען א פערזענליכער שונא פון גאָט. אהאספער איז זיין בעליעבטע טעמא, ער איז דער העלד פון זיין א יוגענד־פּאָעמא, און ער פיגורירט אויך אין צוויי שפּעטערע ווערק זיינע. אין „קווין מעב“ איז דער אייביגער וואַנדערער א פּאַנטאַסטיש בעשעפעניש, וואָס אין זיין מאַטען בליק שפּיגלען זיך אָב זכרונות פון ששת ימי בראשית. ער דערצעהלט ווי אזוי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט אנצוזעטיגען זיין שלעכטיגקייט מיט מענשליכע ליידען, ווי אזוי ער האָט שפּעטער אראָבגעשיקט זיין שרעקליכען שליח און יענער האָט אויפגעהויבען זיין שווערט געגען יושר און פרייהייט, און ווי אזוי ער אהאספער דערזעהענדיג איהם אויף'ן קרייץ, האָט אויסגעשריען: „טראָג זיך, טראָג זיך פון דאַנען!“ א געטליכע רשעות האָט צוקרימט קריסטוסעס פּנים און ער האָט געשאָלטען: און דו זאָלסט וואַנדערן אייביג אויף דיעזער פערפלוכטער ערד — זייט דעמאָלט שלעפּט זיך אהאספער ארום, אין אייביגען איינזאַמען נעוונד, שטרייטענדיג אָהן מורא געגען דעם אַלמעכטיגען דעספּאָט און זיך צוקוקענדיג צו די ווילדע מעשים פון די מענשען, וועלכע זיינען שכור פון גאָט'ס צאָרן. זייט דאַמאָלט איז ער ווי א ריזען־דעמב, וועלכער איז שוין פערברענט פון גאָטס־פייער, אָבער איז נאָך אימער גרייט צו בעגעגנען די אטאַקע פון מיטערנאַכט־שטורם.

אהאספער איז דאָ דער אייביגער שונא פון קריסטוס, דער גייסט פון פערלייקענונג, און אנדערע, פערקעהרט, צייגען אָן אויף זיין אינערליכע קרובהשאַפט מיט דעם פּרעדיגער פון גליק און זעהען אין איהם כמעט א צווייטען קריסטוס. זיידליץ לאָזט אהאספער'ן שטאַרבען, אָבער ער ליעגט שלאָפלאָז אין קבר און ליידט פון דעם שלעכטס, וואָס הערשט אויף דער וועלט.

ביים שאטלענדער בוכאנאנען איז דער אייביגער איד קריסטוס אליין. ער פיהלט, אז ער האָט זיינע פערשפּרעכונגען ניט פערווירקליכט, זיין לעבען איז געווען אומזיסט. די גלויביגע בעטען איהם: אנטפּלעק זיך און עפען פאַר אונז די הימלען. דאָ נעהמט ער אויף זיך דעם קרייץ און געהט וואַנדערן דורך די יאָהרטויזענדע. אַלץ פערגעהט, פערשווינדט, נור די געשטאַלט פון קריסטוס, געבויגען אונטער'ן לאַסט פון קרייץ, שוועבט איבער אונזער ערימער ערד. „זאָל גאָט העלפען קריסטוס'ען, כדי ער זאָל אונז העלפען“ — ענדיגט בוכאנאן זיין פּאָעמא מיט א תפילה.

זעהר מעגליך, אז שוין געטהע האָט געציעלט מיט זיין אהאספער אין דעם קלוגען, שכל'דיגען יודענטום, וואָס שטעלט די פערנופט העכער פון דער מיסטישער פערטיעפונג אין גאָט, און ביי די שפּעטערדיגע פערפאַסער ווערט אהאַספער ניט איינמאָל דער סימבאָל פון יודענטום.

דער דייטש אידישער שרייבער אויערבאך, דער אידישער משכיל און אנהענגער פון דייטשע אידעאַלען, זעהט אין אהאספער'ן דאָס יודענטום, וואָס אין משך פון טויזענדער יאָהרען האַלט עס כסדר אין בלוטען. די פערפאָלגונגען האָבען דאָס יודענטום אריינגעטריעבען אין אַן ענגען ווינקעל, פון וועלכען עס קען ניט ארויס.

אויערבאך בעשרייבט אהאספער'ס טויט. צו שפּינאָזא, פאַר'ן טויט, קומט א וואַנדערער. ער דערצעהלט דעם שטאַרבענדען פילאָזאָף וועגען זיין לעבען, זיינע וואַנדערונגען, קושט איהם אין שטערן און שטאַרבט. זיין טויט איז

דער טויט פון אַלטען יודענטום. דאָס מיינט צו זאָגען, אז שפּינאָזאַ האָט ארויסגעפיהרט דאָס יודענטום פון געפאַנגענשאַפט, פון דעם מצרים פון פערשטאָקטע געדאַנקען, און געעפענט פאַר איהם דאָס הייליגע לאַנד פון פרייען געדאַנק.

אַ סימבאָל פון יודענטום איז אהאַספער אויך ביי אַן אַנדער אידיש־דייטשען שרייבער מאָזען. זיין גרונד־אידעע האָט מאָזען אַליין ערקלערט: אונטערגעהן און זיך ווידער אויפריכטען פון אונטערגאַנג איז די אויפגאַבע פון יעדען דור, פון יעדען פאָלק. און דאָס איז דער סוד פון אהאַספער׳ן — ער איז דער אַלטער בונטאָוושיק, וועלכער הויבט ווידער שטאָלץ אויף זיין קאָפּ נאָך יעדער מפּלה. דערפאַר שטאַרבט ער קיינמאָל ניט. דאָס אידישע פאָלק שטאַרבט אויך קיינמאָל ניט.

אין מאָזענ׳ס פּאָעמאַ (1838) איז אהאַספער אַ איד, ער ליידט מיט די ליידען פון זיין פאָלק און ביינקט מיט זיין ביינקשאַפט. אָבער ער איז אויך דער סימבאָל פון דער מענשליכער נאַטור, וועלכע איז אין צוואַנג פון ערדישער עקזיסטענץ, דער פערזאָניפיצירטער גייסט פון דער וועלטגעשיכטע, וועלכער איז פיינדליך צום גאָט פון קריסטענטום. אהאַספער׳ס טראַגעדיע איז דער קאַמפּף פון די צוויי עלעמענטען אין מענשען — דעם ערדישען און געטליכען, אַ קאַמפּף, וואָס וועט אָנהאַלטען — ווי לאַנג דער מענש וועט לעבען אויף דער ערד.

אין זעקס יאָהר אַרום נאָך דער ערשיינונג פון מאָזענ׳ס פּאָעמאַ, האָט אהאַספער ווידער אויפגערודערט די פאַנטאַזיע פון דער ציוויליזירטער מענשהייט. דאָס איז געווען אַ דאַנק דעם פראַנצויז אייזשען סיו, דעם פערפאַסער פון לאַנגע ראָמאַנען, וועלכע ער האָט אָפּט פערצוקערט מיט סענטימענטאַלען סאָציאַליזם. אין זיין פיעלבענדיגען ראָמאַן „דער וואַנדערנדער איד“, וועלכער איז געווען געריכטעט געגען די יעזואיטען, שטעלט ער אהאַספער׳ן אין מיטעלפונקט פון אַ פערוויקעלטער אינטריגע און גיט איהם פאַר אַ חברטאָרין הורדוס׳עס טאָכטער, וועלכע איז אויך געווען פעראורטיילט, לויט אַ טונקעלער לעגענדע, צו דעם זעלבען שיקזאַל, וואָס אהאַספער. אהאַספער איז דאָ דער פאָרשטעהער פון אַרבייטער־קלאַס. „איך האָב געאַרבייט אין ירושלים, זאָגט ער, איך בין פערשאָלטען געווען פון גאָט, וועלכער האָט דורך מיר פערשאָלטען די גאַנצע אַרבייטער־משפּחה — די משפּחה פון אייביג ליידענדע און אייביג בערויבטע און פערשקלאַפּטע — די משפּחה פון קנעכט, וועלכע מוזען געהן אַלץ פאָרווערטס, אָהן רוה און אָבשטעל, אָהן שכר און האָפנונג“.

אַן אַנדער פראַנצויז, קינע, האָט אָנגעשריבען אַ מיסטעריע „אהאַספער“, וועלכע רעכענט זיך פאַר דאָס ערהאַבענסטע ווערק פון דעם פריהען פראַנצויזישען ראָמאַנטיזם. אַ שטורמישער געדאַנק, אַ פייעריגע פאַנטאַזיע און אַ בלענדענדער סטיל זיינען דאָ פערבונדען מיט אַ גראַנדיעזען פּלאַן. דאָס איז אַ דראַמאַ, וואָס שפּיעלט זיך פונאַנדער פאַר גאָט׳ס אָנגעזיכט. גאָט משפּט די וועלט, וועלכע האָט זיך אויסגעלעבט און ער בלעטערט די וועלטגעשיכטע און לאָזט זיך פונאַנדערוויקלען פאַר אונזערע אויגען איהרע הויפּט־סצענען.

נאָך דעם גרויסען יום הדין ווערט אהאַספער ניי געבאָרען — ליעבע און טויט לייטערן אויס זיין געמיט און ווען אונזער אַרימע ערד ווערט צושפּרונגען, לאָזט אהאַספער זיך אַוועק, אין דעם רוים צווישען די שטערן, זוכען נייע אונבעקאַנטע ברעגען. דאָ פּערזאָניפיצירט אויך דער „אייביגער וואַנדערער“ דעם מענשליכען גייסט, וועלכער געפינט זיך אין אונערמידליכער בעוועגונג, אין אייביגען זוכען נאָך נייע ציעלען און איז אימער גרייט צו אַ נייעם קאַמפּף.

לויט קינע׳ס מיינונג (וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אין פאָרוואָרט צו זיין מיסטעריע) געהערט אהאַספער צו יענע לעגענדען, וועלכע האָבען געדיענט פאַר דעם יסוד פון דער גריכישער טראַגעדיע. דער גייסט פון מאָדערנער צייט דריקט זיך אויס מיט דער זעלבער טיעפקייט אין אהאַספער, ווי דער גייסט פון אַלטערטום אין פּראָמעטעאוס. אהאַספער דאָס איז די מענשהייט, דאָס לעבען, די מאַטעריע, דער צווייפעל, די ליידען; אהאַספער — דאָס איז דאָס פאָלק, דער המון, דער אייביגער פּראָלעטאַריער. און קינע בעדויערט, וואָס נאָך קיינמאָל האָט אַ זשעני ניט בעריהרט מיט זיינע שטראַהלען די ריעזען־פיגור און ניט געצוואונגען איהר אויפקלינגען, אַזוי ווי די מעמנאָןסטאַטוע פלעגט אויפקלינגען ווען זי פלעגט בעריהרט ווערן פון די ערשטע זונען־שטראַהלען.

דעמזעלבען גרונד־געדאַנק, וואָס ביי קינע, געפינען מיר ביי האַמערלינגען. ביי איהם איז ער אויך די פערקערפערונג פון דער אונשטערבליכער מענשהייט, וואָס אייביג קעמפּפט זי און ליידט. דאָס איז אַ גרייז־גראָהער אַלטער; זיין שטערען איז אַ פעלז, וואָס אין איהם נעסטען זיך אָדלערס־אויגען; דער שטויב פון די לאַנג־פערשוואונדענע דורות איז דער שטויב פון וועג אויף זיינע סאַנדאַליען.

איבעראַל זעהען מיר דעם זעלבען געדאַנקענגאַנג, וועלכען מיר האָבען שוין געפונען ביי געטהע, שובערט, מאָזענ׳ן. מיר זעהען פאַר זיך דאָ אַ פרייהייטס־קעמפּפער, דאָ אַ גאָטסזוכער, דאָ אַן אינדיווידואַליסט נאָך ניצטשעס שניט, דאָ אַ מאָדערנעם צייטונגס־

אַרויסגעבער, און פון צייט צו צייט וואַרפען זיך אין איהם דורך פּעדים פון אַן אַנדער געשטאַלט — פון שיקזאַל, פון ריעז פּראָמעטעאוס, דעם קעמפּפער מיט גאָט, דעם פריינד פון דער מענשהייט, וועלכער האָט איהר אַראָבגעבראַכט פייער אין אַ טרוקענעם שטענגעל.

מיר וועלען דאָ דערמאָהנען נאָך אַ פּאָר נייעסטע פּראָבען: אין מיללער׳ס אַ געדיכט קומט אָן אין שטורם אַן אַלטער מאַן, און ער דערצעהלט, אַז מען האָט איהם פערטריבען פון רוסלאַנד, וואו ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווײַלע.

לעפּסיוס שטעלט פאָר דאָס גאַנצע לעבען פון אידען אין גלות ווי אַ רייה אונגעלונגענע משיח בעוועגונגען. דער אייביגער איד דאָס איז דער פאַלשער משיח. עס גליקט איהם ניט, ער קאָן ניט בייקומען די מאַכט פון טויט, ווייל דאָס לעבען איז צו איהם צוגעקעהרט מיט איין זייט — דער מאַטעריעלער. און דאָס איז אויך די טראַגעדיע פון יודענטום בכלל.

וואָלף לאָזט זיין העלדען זיך אָבזאָגען פון קריסטוס׳ען און זוכען גאָט אויף דער ערד. ער וועט בויען אַ טורם לכבוד דאָס לעבען, און אויף זיין שפּיץ וועט ער אויפשטעלען אַ גאָלדשטראַהלענדע זון פון לעבענס־פרייד, וועלכע וועט קיינמאָל ניט פערגעהן.

ניט לאַנג צוריק האָט אַ דייטשער פּאָעט אַריינגעפלאָכטען אין דער לעגענדע דעם אינדישען מאָטיוו פון גלגול הנשמות, און אַן אַנדערער האָט דערזעהן אין אַהאַספער׳ן דעם סימבאָל פון אונשטערבליכקייט, וועלכע איז אפילו ווייט פון געטליכען גן־עדן־געגוס, דאָך איז זי אַ ברכה און אַ גליק.

מיט דיזער פּאָעמאַ פון מאַקסהאַפער׳ן איז פערוואַנדט די ערצעהלונג „ליל שמורים“ פון אַלמוני (בוקי בן יגלי), דאָס איינציגע ווערק, לויט ווי מיר איז בעקאַנט, אין העברעאיש, וואָס איז געווידמעט היהודי הנצחי. ער קומט צום שרייבער אין אַ סדר־נאַכט און דערצעהלט איהם, אַז אויף איהם דעם אייביגען אידען האָט מען אויסגעטראַכט אַ בלבול: ער האָט קיינמאָל ניט פערשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבורט, און ער איז ניט מקנא דעם גורל פון די שטערבליכע און זיין האַרץ ציעהט צו לעבען און צו פרייד.

אין אידיש געפין איך צוויי ווערק וועגען אייביגען אידען: יעקב שטיינבערג׳ס דראַמאַטישע פּאָעמע, געדרוקט פאַר יאָהרען אין דער „צוקונפט“, און א. ליעסינ׳ס געדיכט, „דער אייביגער איד“.

מיר זיינען מיטגעגאַנגען מיט׳ן אייביגען וואַנדערער אַ היבשע שטיק וועג.

מיר קענען איהם אין אַלע זיינע געשטאַלטען. דאָך מוזען מיר זאָגען:

די אַלע פּראָבען פּאָעטיש צו פערטיעפען די לעגענדע האָבען צו קיינע בעשטימטע רעזולטאַטען ניט געבראַכט. עס האָט קיינעם ניט איינגעגעבען זיך אויסצוגיסען דעם „אייביגען וואַנדערער“ אין אַ קלאָרע, בולטע געשטאַלט, ווי דאָס איז געטהאָן געוואָרען מיט פויסט, פּראָמעטעוס, יהודה איש קריות און אַנדערע לעגענדאַרישע געשטאַלטען. דער אייביגער איד איז געבליבען אַן אונגעלעזטע רעטעניש, אַזוי ווי עס איז געבליעבען אונגעלעזט דאָס רעטעניש פון אידישען פאָלק גופא.

י. אדלער

אויף קבר אבות...

דער דיכטער האָט אַ פאָלק געהאַט —
און פאַר זיין פאָלק האָט ער אַ מאָל
מיט בלוט פון האַרץ, אַ האַרץ־געזאַנג
אויף פּאַרמעט־בלאַט
אַרויסגעשיקט...

דער דיכטער האָט פון טיעפען צער
געטויט אין זיך דאָס געטליך וואָרט;
אין האַרץ געמאַכט אַ הייליג אָרט,
זיין לעצטען טרוים
בעגראָבען דאָרט...

עס האָט דעם דיכטער׳ס אייגען פאָלק
זיין ליעד פערלאַכט, זיין וואָרט פערשפּאָט;
פערלאַכט זיין חלום און זיין גאָט —
זיין שטים פערשטיקט,
דאָס בלאַט צופליקט...

און יעדע נאַכט אין שבעה־צייט
שטיל בלאָנדזשעט ער אין צער געהילט;
שטיל בלאָנדזשעט ער ביים קבר אום,
בעזוכט זיין טרוים
און יאָמערט שטום...

דר. אסתר לוריע

פאַניע מאַרקוס־לעוואַלד

(פון דער סעריע „די בעריהמטע אידיש־דייטשע פרויען“).

אין אויגוסט איז געוואָרען 25 יאָהר זייט עס איז געשטאָרבען איינע פון די בעריהמטע אידיש־דייטשע פרויען, פאַניע מאַרקוס לעוואַלד.

זי האָט געלעבט 78 יאָהר. אין פערלויף פון א האַלבען יאָהרהונדערט איז זי געשטאַנען פאַר'ן דייטשען פובליקום אַלס אַנערקענטע, טאַלענטפולע בעלעטריסטין. אין איהר ליטעראַרישער טהעטיגקייט פלעגט זי זיך אָפרופען כמעט אויף אַלע גייסטיגע ערשיינונגען. הויפטזעכליך איז זי אָבער בעריהמט געווען מיט איהר קאַמפף פאַר פרויען־רעכטע. זי איז געווען די ערשטע פרוי אין דייטשלאַנד און איינע פון די ווייניגע אין אייראָפּאַ, וועלכע האָבען זיך מיט לייב און לעבען אָפּגעגעבען צו ערווערבען פרייהייט און גלייכבערעכטיגונג פאַר דער פרוי. און מיט גרויס מוטה און פעהיגקייט האָט פאַניע לעוואַלד דעם קאַמפף געפיהרט.

„א מענש צו זיין, הייסט א קעמפפער זיין!“ — דאָס איז געווען איהר ליעבלינגס־אויסדרוק. און דאָס איז פאַר איהר ניט געווען קיין פוסטע פראַזע. מיט דער פעדער אין האַנד האָט זי נאָכאַנאַנד און אונערמידליך געקעמפפט.

פאַניע מאַרקוס איז געבאָרען געוואָרען ביי אידישע עלטערען אין קעניגסבערג, אין יאָהר 1811. איהר פאָטער איז געווען א פעהיגער מענש, ער איז אָבער פול געווען מיט ווידערשפרוכען; ער האָט פעראייניגט אין זיך די פערשיעדענאַרטיגסטע שטרעבונגען: פון איין זייט האָט ער געשטרעבט צו אַלץ, וואָס איז שעהן און גוט און איידעל, פון דער צווייטער זייט איז ער געווען פראַקטיש, אויסגערעכענט, האָט געזוכט נור דאָס, וואָס איז ניצליך, און האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען אידעאַלען. דאָך, האָט איהם זיין פראַקטישקייט ניט געשטערט אָבצוגעבען זיך פיעל מיט שטאָדטישע אַנגעלעגענהייטען. ער איז געווען דער ערשטער אידישער מיטגליעד פון דער קעניגסבערגער דומאַ.

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז געווען זיין בעציהונג צו אידישקייט. ער האָט תמיד געהאַט א וואַרים געפיהל צו זיין אונטערדריקטער נאַציאָן, און יעדעס שטרענגע גזירה געגען די אידען האָט אַרויסגערופען אין איהם נאָך מעהר ליעבע צו זיין פאָלק. דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם, ווייזט ער זיך אויך אין דיעזער הינזיכט עקעלהאַפט פראַקטיש. ער וויל, אז זיינע קינדער זאָלען ניט ליידען פון דעם, וואָס זיי זיינען אידען, און ער האָט אויסגעאַרבייט וועגען דעם א געוויסען פלאַן: די קינדער ווערען אַזוי ערצויגען, דאָס זיי ווייסען גאָר ניט פון אָנפאַנג, אַז זיי זיינען אידען. די זיהן שמד'ט ער אָפּ צו 13, 14 יאָהר. זיי ווילען עס ניט, אָבער ער רעדט זיי איין און פועל'ט עס ביי זיי. דאָס טהוט ער צוליעב דעם, אַז זיי זאָלען ניט געשטערט זיין אין זייער קאַריערע. און דער פאָטער בעשטעהט אויף דעם, אַז זיי זאָלען די אידישע פאַמיליע מאַרקוס פערבייטען אויף לעוואַלד, כדי מען זאָל ניט וויסען, אַז זיי שטאַמען פון אידען. די טעכטער גראַדע האָט ער זיך ניט געאיילט אָפּצושמד'ן. דער חשבון איז דאָ געווען איינפאַך: א קאַריערע קען דאָך א מיידעל דורכ'ן שמד סיי ווי סיי ניט מאַכען. און דאָ קען זיך מאַכען א גוטער שדוך מיט א אידען, און דער שמד קען נאָך שאַדען. ווידער, וועט זיך אונטערדרוקען א קריסטליכער חתן, וועט דאָך קיין מאָל ניט שפעט זיין צו שמד'ן זיך.

לעוואַלד אַליין האָט זיך ניט גע'שמד'ט. ער האָט אַלץ געהאַנדעלט מיט פוילישע אידען, און דער שמד וואָלט איהם פיעל געשאַדט אין זיינע געשעפטען.

אַזוי האָט זיך פערהאַלטען צו אידישקייט פאַניע'ס פאָטער, אַזוי האָבען זיך אויך פערהאַלטען אַלע איהרע קרובים און פריינד. דאָס איז געווען די אַטמאָספערע, אין וועלכער דאָס בעגאַבטע קינד איז ערצויגען געוואָרען. קעניגסבערג איז אָבער דאָך געווען א אידישע שטאָדט. עס איז אונמעגליך געווען אין אַזאַ שטאָדט ניט צו ווייסען, וואָס איז א איד, און פאַניע האָט זיך ביי די שכנים דערוואוסט, אַז זי איז אַן אידיש קינד. זי איז אויך בעקאַנט געוואָרען מיט די אידישע מנהגים, און האָט אָנגעהויבען צו ליעבען די אידישע סביבה.

פאַניע האָט געלערנט אין א קריסטליכער פריוואַט־שולע, וואו זי איז בעקאַנט געוואָרען מיט דער לעהרע פון קריסטענטום. די שילער האָבען דאָרט געלערנט אויף דעם אַלטען טעסטאַמענט. פאַניע האָט ליעב געקראָגען אונזער ביבעל און א צאַרט וואַרעם געפיהל צו אַלטע אידישע ספרים איז פערבליבען ביי איהר דאָס גאַנצע לעבען. פון דער קריסטליכער רעליגיאָנס־לעהרע האָט זי זיך פעראינטערעסירט מיט דער פערזענליכקייט פון קריסטוס.

אין דער קריסטליכער שולע האט שוין פאניע אימער געפיהלט, אז זי איז אן אידיש קינד. די קריסטליכע קינדער האבען דאס איהר אויף טריט און שריט געגעבען צו פיהלען. אזוי, צום ביישפיעל, איז זי אין דער שולע בעפריינדעט געווארען מיט א קריסטליכער מיידעל. די פריינדין האט אבער צו איהר געבורטסטאג פאניען ניט איינגעלאדען, ווייל די עלטערן האבען ניט געוואלט, אז א אידיש קינד זאל אריינקומען צו זיי אין הויז. אויך האט מען איהר אויף די קעניגסבערגער גאסען געגעבען צו פיהלען, אז זי איז א אידיש קינד.

פאניע האט געהאט גרויס חשק צום לערנען. ווען זי האט געענדיגט די שולע, האט זי געוואלט לערנען ווייטער און ווערען א לעהרערין, אבער דאס האבען די עלטערן ניט דערלאזען. מיט 90 יאהר צוריק האבען די אידישע טעכטער געהאט נור צוויי וועגען: די ארימע פלעגען ארבייטען אין פאבריקען און ווערקשטאטען; די רייכע פלעגען ווארטען אויף חתנים און ענדליך חתונה האבען. און די עלטערן האבען דורכאויס געוואלט, אז פאניע זאל ניט זיין קיין אויסנאהם. זי האט געענדיגט די שולע פריה — צו 14 יאהר. אלזא, האט זי געמוזט זיצען און ווארטען, ווי אנדערע רייכע אידישע מיידלעך, ביז וואנען עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט איהר חתונה מאכען.

17 יאהר איז זי אלט געוועזען, ווען זי האט זיך פערליעבט אין א קריסטליכען טעאלאג. זי האט אין איהרע טרוימערייען אליין פארגעשטעלט זיך, ווי זי וועט זיין די פרוי פון דעם דייטשען פאסטאר. וועגען שמד האט זי גענומען טראכטען מיט בעגייסטערונג. אנדערש וואלט זי דאך ניט געקענט הייראטהען מיט איהר געליעבטען. די פעסטע בענדער, וואס האבען זי צונויפגעקניפט מיט'ן יודענטום, האט זי דאמאלסט אין איהר ליעבעס־רויש ניט בעמערקט. אויך האט זי דאמאלסט ניט געקלערט וועגען דער קריסטליכער לעהרע — וועגען דעם, צי זי וועט קענען אננעהמען די פרעמדע אמונה. דערווייל אבער, איידער נאך זי האט בעוויזען צו שמד'ן זיך, איז געווארען אויס שדוך.

דא הויבט זיך אן פאר פאניען זעהר א שווערע צייט, וועלכע איז געוועזען זעהר וויכטיג פאר איהר אינערער ענטוויקלונג. עס האט זי ווידער געפייניגט די לאגע פון דער בעלי־בית'ישער טאכטער פון יענער צייט. זי האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט זיך. אין דער הויז־ווירטשאפט האט מען זי כמעט ניט געדארפט האבען, ווייל עס זיינען אונטערגעוואקסען איהרע שוועסטער. זי האט פיעל געלעזען, געטראכט נאך מעהר, אבער דאס האט ניט געקאנט צופריעדען שטעלען א טהעטיגען מענשען. ראהעל לעווינ'ס בריעף, וועלכע זיינען אריינגעפאלען אין איהרע הענד, האבען געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף איהר. איהר האט זיך געדוכט, אז זי איז פון דעמזעלבען שטיק פלייש, וואס די אידישע טאכטער, וועלכע האט געבראכען די געזעלשאפטליכע טראדיציעס און אויפגעבויט א נייעס לעבען.

פון דעסטוועגען בעפריעדיגט זי ניט ראהעל'ס לעבען. ניט פון א לעבען אין אן ענגען קרייז פון פריינד האט זי געטרוימט. זי האט געוואלט זיין טהעטיג אין פראקטישען לעבען. זי האט געוואלט האבען אן אינטעליגענטנע פראפעסיע. צו מעדיצין האט זי איהר גאנצעס לעבען געפיהלט א גרויסע נייגונג. זי האט געגלויבט, אז זי וואלט געוועזען א פעהיגער ארצט. דאן אבער, מיט 85 יאהר צוריק, האט א פרוי אין פיעלע לענדער פון אייראפא וועגען דעם ניט געקאנט טרוימען אפילו. זי האט פיעל געליטען צוליעב דעם. זי האט פיעל געטראכט וועגען דער לאגע פון דער פרוי און וועגען די נויטיגע רעפארמען אום די פרויען־לאגע צו פערבעסערן. פאר פיעלע רעפארמען, וואס זיינען נאך דאן ענטשטאנען אין איהר קאפ, האט זי שפעטער געקעמפפט. אייניגע האט זי שפעטער אויך דורכגעפיהרט אין לעבען.

דער פאטער, זעהענדיג איהרע ליידען, האט איהר געוואלט פערשאפען א פערגניגען; ער האט איהר פארגעלעגט צו שמד'ן זיך. ער האט געמיינט, אז דאס וועט זיין פאר איהר א גרויסע שמחה, ווייל זי האט נאך זייענדיג א כלה, אזוי געוואלט עס אפט טהאן. אגב איז ער געוועהנט געוועזען דערצו, אז פאר די אידען־אסימיליאטארען איז דאס שמד'ן זיך געוועזען א גאנצער יום טוב.

פאניע האט דעם פארשלאג אנגענומען מיט פרייד; זי האט זיך אין יענער צייט בעפריינדעט מיט א פרומער קריסטליכער פאמיליע, דורך וועלכער זי האט זיך אנגעשטעקט מיט קריסטליכער מיסטיק, און זי האט נאך פון קינדהייט אן געפיהלט א גרויסע סימפאטיע צו קריסטוס. זי האט זיך אנגעהויבען פארבערייטען צו דעם שריט. אין מיטען פון דער פארבערייטונג האט זי זיך אבער איבערצייגט, אז די קריסטליכע לעהרע איז פאר איהר גאנץ פרעמד. זי האט ניט געקענט גלויבען, זי האט געמוזט פערשטעהן. פערשטעהן אבער קען מען ניט די וואונדער פון די קריסטליכע דאגמען. זי איז געבליבען דערפאר קאלט און פרעמד צו דער קריסטליכער רעליגיאן.

זי האט אבער ניט געקענט ענטזאגען זיך פון דעם שמד; זי איז געוואהנט געוועזען צו פאלגען דעם פאטער, אפשר אויך דערפאר, ווייל עס האט נאך איהר דאן געפעהלט דער מוט אפען ארויסצוזאגען איהרע מיינונגען. זי האט זיך געטויפט צו 19 יאהר. זי האט געזאגט א ליגען, אננעהמענדיג א רעליגיאן, אין וועלכע זי

האָט ניט געגלויבט; זי האָט געזאָגט א ליגען דעם רעליגיאָנס-לעהרער, ווען זי האָט איהם שריפטליך ערקלערט די קריסטליכע לעהרע אַנדערש, ווי זי האָט עס פערשטאַנען. דער שריט איז געווען „דער גרעסטער ליגען אין איהר לעבען", ווי זי האָט זיך פיעל שפּעטער אויס-געדריקט אין איהר לעבענס-געשיכטע.

זי האָט זיך גע'שמד'ט. זי איז אָבער גע-בליבען א אידין מיט איהר גאַנצער נשמה, אי-בערלעבענדיג תמיד די צרות פון איהר פאָלק. זי איז געבליבען א אידין אַלס שריפטשטעלערין. זי האָט זעהר אָפט געשילדערט די אידישע סביבה, וועלכע איז איהר געווען נאָהענט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איהרע עלטערן האָ-בען זי געוואָלט אָפּרייסען פון איהר פאָלק.

די עלטערן האָבען אַליין געזוכט זי חתונה צו מאַכען. מיט דיעזען צוועק האָט דער פאָטער זי גענומען אויף דער רייזע: זי איז געווען אין בערלין און אין ברעסלוי, וואו זי איז געבליבען א יאָהר. די רייזע איז פאַר איהר געווען זעהר וויכטיג. זי איז בעקאַנט געוואָרען מיט בע-דייטענדע פּערזענליכקייטען. דאָן האָט זי זיך פערליעבט אין איהר קאָזין, היינריך סימאָן, דעם בעדייטענדען פּאָליטיקער און רעכטס-טעאָרע-טיקער. די שמערצען פון דער אונגליקליכער ליעבע (ער האָט זי ניט ליעב געהאַט) האָבען זי געמאַכט רייפער, פערטיעפענדיג איהרע גע-פיהלען און מאַכענדיג פעסט איהר וועלט-אַנשויאונג.

קומענדיג א היים פון דער רייזע, הויבט זיך אָן פאַר פאַניע'ן ווידער א לעבען אָהן אר-בייט און אָהן א ציעל. די עלטערן געפינען פאַר איהר א חתן, „א גליקליכען שדוך". פאַניע וויל זיך ניט פערקויפען און האָט שוין מוט ניט צו פאָלגען דעם פאָטער. די ליידען האָבען עס אין איהר ענטוויקעלט די קאַמפּפס-פעהיגקייט.

עס ציהען זיך ווידער יאָהרען אָהן א ציעל, אָהן האָפנונג.

איהרע איבערלעבונגען האָבען זי גע-צוואונגען צו שרייבען א ראָמאַן. זי האָט אָנ-געהויבען, האָט אָבער שנעל געוואָרפען, ווייל זי האָט ניט געגלויבט, אַז זי האָט דערצו טאַלענט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האָט ביז אהער געהאַט ערפאָלג מיט איהרע ליטעראַרישע פּראָבען. אין דער שולע האָבען איהרע קאָמ-פּאָזיציעס געצויגען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. די מעשות, וועלכע זי פלעגט דערצעהלען איהרע קליינע שוועסטער, פלעגען זעהר געפעלען (זי האָט זיי שפּעטער געדרוקט); פיעלע שטעלען פון איהר קאָרעספּאָנדענץ צו איהר קאָזין, דעם רעדאַקטאָר פון „אייראָפּא", פלעגט ער דרוקען אין זיין זשורנאַל, אָפט אָהן איהר וויסען. דאָס אַלעס האָט אָבער נאָך אַליין ניט איינגעפלאַנצט אין איהר דעם געדאַנק צו ווערען א שריפטשטע-לערין, כאָטש דאָס שרייבען איז פאַר איהר געווען א בעדערפניס.

ערשט צו דרייסיג יאָהר פאַנגט זי אָן צו שרייבען בעלעטריסטיק. איהר ערשטער ראָמאַן דריקט אויס די שמערצען, וועלכע זי האָט זעלבסט אי-בערגעלעבט, די געדאַנקען, וועלכע האָבען זי יאָהרען לאַנג געמאַטערט. די העלדין פון ערשטען ראָמאַן איז אַן אַקטיווע נאַטור, וואָס איז געצוואונגען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט צו בלייבען פּאַסיוו. די עלטערן ווילען זי חתונה מאַכען, כדי פּטור צו ווערען פון איהר. א טאָכטער איז א לאַסט פאַר די עלטערן. און די העלדין דריקט אויס די אַלע געדאַנקען, וואָס האָבען פאַניען אַזוי לאַנג געפּייניגט — אַז פרויען מוזען זיין גלייכבערעכטיגט מיט מענער, אַז עס איז אונמאָראַליש זיך צו פערקויפען, ד. ה. חתונה צו האָבען מעהר ניט ווי צוליעב פּראַק-טישע ציעלען. דער ראָמאַן האָט געהאַט א גרויסען ערפאָלג.

אין צווייטען ראָמאַן שילדערט זי איהרע איבערלעבונגען פון שמד. זי בעציהט זיך דאָרט זעהר פיינדליך צו די משומדים. אַלס מאָטאָ צו דיעזען ראָמאַן האָט זי בענוצט דאָס מאָטאָ פון היינריך סימאָנ'ס ווערק: „די לאַגע פון אידען אין פרייסען". דאָס זיינען בערנע'ס ווערטער „א שטאַם, פון וועלכען עס זיינען אַרויסגעקומען קריסטוס, מאַראַננע און די אַפּאָסטאָלען (די ליעבע צו קריסטוס'ס פּערזענ-ליכקייט איז ביי לעוואַלד'ן געבליעבען איהר גאַנצעס לעבען), א שטאַם, וואָס מען האָט פער-פאָלגט טויזענדער יאָהרען, און איז ניט קוקענ-דיג אויף דעם, איז ער דאָך ניט אַוועק פון די מנהגים און פון דער רעליגיאָן פון די אבות, א שטאַם, פון וועלכען עס זיינען אַרויסגעקומען גע-ניאַלע מענער אין דער קונסט און אין דער ווי-סענשאַפט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט איהם אַזוי שרעקליך פערפאָלגט טויזענ-דער יאָהרען — אַזאַ פאָלק מוז האָבען גלייכ-רעכטע מיט אַלע אַנדערע פעלקער".

אין יענע יאָהרען, ווען דער איד האָט זיך געשעמט אין דייטשלאַנד מיט זיין אידישקייט, האָט מען געדאַרפט האָבען פיעל מוט צו שריי-בען אַזאַ ראָמאַן. דער ראָמאַן איז וואַרם גע-שריעבען. די אידישע סביבה איז ריכטיג און לעבעדיג פאַרגעשטעלט. די טענדענץ אָבער שפּיעלט דאָ א גרויסע ראָלע.

דער ראָמאַן האָט געמאַכט א טומעל. מיט איהם זיינען געווען צופריעדען די אַלע אידען, וואָס האָבען געליעבט זייער פאָלק, האָבען אָבער ניט געהאַט דעם מוטה אַזוי פריי אַרויסצוטרע-טען; דער ראָמאַן האָט אויפגעוועקט די אידי-שע געפיהלען ביי פיעלע, וועלכע זיינען אַוועק פון אידישקייט צוליעב פראַקטישע ציעלען, וועל-כע אָבער האָבען טיעף אין הארצען אַליין נאָך געטראָגען ליעבע און אכטונג צו זייער פאָלק.

צו די לעצטע האָט געהערט אויף פאַניע'ס

פאטער; ער האט אויסגעדריקט דער טאכטער א דאנק פאר'ן ראמאן. דעם ראמאן האבען בעגריסט אויך פיעלע קריסטען — אפילו אזעלכע, וואס האבען לויט דער טראדיציע געהאסט דעם אידען און האבען וועגען איהם ניט געטראכט און אנדערע איהם גאר ניט געקענט. אייניגע קריסטען האבען אויסגעדריקט לעוואלד'ן א דאנק פאר דעם ראמאן, וואס האט זיי געצוואונגען צו קוקען אויף די אידען, ווי אויף מענשען. לעוואלד איז איצט געווען בעקאנט אלס די שריפטשטעלערין פון „יעני" (דער נאמען פון דעם ראמאן). דער בעריהמטער אידיש־דייטשער שריפטשטעלער אויערבאך האט זי אויפגעזוכט און מיט בעגייסטערונג בעגריסט איהר.

אין איהרע שריפטען האט זי תמיד געזוכט אויסצודריקען א געוויסע טענדענץ. פיעלע ערצעהלונגען שטעלען פאר די לאגע פון די פרויען אויף א גאנץ פערשיעדענעם אופן, אין גאנץ פערשיעדענע געשטאלטען, די אידעע אבער איז אלע מאל דיזעלבע: די פרוי מוז זיך בעפרייען פון די טראדיציעס און מוז ווערען אקטיוו אין לעבען — דאן ערשט ווערט זי בעפרייט פון דער אונמאראלישער האנדלונג — פון חתונה האבען צוליעב פראקטישע ציעלען. אט דיעזע אידעע האט זי אלע מאל געהאט אין זין; זי האט עס אויסגעדריקט אין אייניגע ראמאנען. דיעזע אידעע האט זי אויסגעדריקט אויך אין איהר לעבענס־געשיכטע; זי האט איהר לעבענס־געשיכטע ספעציעל געשריעבען, כדי צו צייגען די לאגע פון א טהעטיגער נאטור, וועלכע די טראדיציאנען האבען געצוואונגען צו בלייבען א לאנגע צייט פאסיוו אין לעבען.

די פרויען־פראגע איז געווען פאר איהר א לעבענס־פראגע. זי האט זיך מיט איהר בעשעפטיגט זעהר פיעל אין איהרע ראמאנען און ערצעהלונגען. ביי דעם אליין איז זי אבער ניט געבליעבען. זי איז געווען פיעלזייטיג אלס שריפטשטעלערין. זי האט בעריהרט גאנץ פערשיעדענע טעמעס — גאנץ פערשיעדענע סביבות האט זי געשילדערט — און אלעס רעאל: זי האט פארגעשטעלט דאס לעבען פון די פויערים, פון גייסטליכע, פון מיליטער, פון דער בורזשואזיע, פון קייזערליכען פאלאץ; — דאס רעאלע לעבען פון פערשיעדענע פעלקער און פערשיעדענע לענדער.

זי האט ארויסגעבראכט זעהר פיעל פרויענגעשטאלטען; זי האט זיי געמאלעןווארם און פסיכאלאגיש, ניט אבער מיט דער קינסטלערישער געניאליטעט, וועלכע האט געמאכט זאנד, די פראנצויזישע ערצעהלערין, צו א פרויענדיכטערין. פאניע לעוואלד געהערט ניט צו די גרעסטע בעלעטריסטען — זי איז געווען אבער אהן צווייפעל אן אנגעזעהענער טאלענט. זי איז אויך געווען א הויך מאראלישע טישע נאטור, וועלכע האט תמיד געהאט פאר זיך א געוויסען אידעאל, און דערפאר האט זי געהאסט די נאטוראליסטען, וועלכע שטעלען פאר די ווירקליכקייט נאקעט און דונקעל, ניט בעווארמט און ניט בעלויכטען פון קיין אידעאל. לעוואלד האט ליעב געהאט דאס לעבען, האט תמיד געשילדערט די ווירקליכקייט, האט אבער אין דיעזער שילדערונג אימער געהאט דאס אידעאל אין זין.

מיט דער פרויען פראגע האט זי זיך בעשעפטיגט אויך פראקטיש. זי איז געווען בעקאנט מיט דער פרויענפראגע אין פערשיעדענע לענדער. זי האט פאר דיעזען צוועק פיעל גערייזט, כדי צו בעקענען זיך מיט דער לאגע אויפ'ן פלאץ. זי האט אויך געפיהרט א ברייטע קארעספאנדענץ מיט די פרויען פון פערשיעדענע לענדער, אויך מיט אמעריקאנער פרויען. זי האט געשריעבען אין צייטונגען בריעף וועגען דיעזע פראגע. די בריעף האט מען ארויסגעגעבען נאכהער אין צוויי ביכער און זיי האבען אויסגעהאלטען צוויי אויסגאבען. מען האט זיי איבערזעצט אין פיעלע שפראכען—אויך אין רוסיש, פויליש, אונגאריש. אין ערשטען בוך האט לעוואלד פראקטיש ענטוויקעלט די איינצעלנע פונקטען פון דער פרויענבערעכטיגונג. פיעלע פון איהרע פארדערונגען זיינען נאך עד היום ניט פערווירקליכט געווארען. אזוי פאדערט זי גימנאזיען און רעאל־שולען פאר מיידלאך. דאס האבען מיר נאך ניט אין אלע לענדער.

זי האט געפאדערט, דאס אלע אינטעליגענטנע פראפעסיעס זאלען זיין אפען פאר פרויען, וואס מיר האבען נאך אויך ניט אין אייראפא. זי האט אויך געפאדערט, אז די פרויען זאלען זיך נעהמען צו מסחר און צו מלאכות. כדי דאס זאל ניט בלייבען קיין פוסטער אידעאל און כדי מיר זאלען אין דער אמת'ן דערצו קומען איז וויכטיג, אז די רעגיערונגען זאלען דורכפיהרען די נויטיגע געזעצע; די פרויען מוזען אנדערש געהאדעוועט ווערען. „איך האלט דאס פון לאנג פאר נויטיג, אז מען זאל פרויען אזוי ערציעהען און לערנען, אז זיי זאלען אליין זיין אין שטאנד זיך אויסצוהאלטען, — אזוי וועט מען זיי בעפרייען פון א ניט עהרליכער האנדלונג, פון חתונה האבען אהן ליעבע, אדער מיט אנדערע ווערטער, אנרופענדיג די זאכען מיט דעם אמת'ן נאמען, — „זיך פערקויפען פאר א מאטעריעל געזיכערטעם לעבען". זי האט אויך געפאדערט פאליטישע גלייכבערעכטיגונג, שטימרעכט פאר פרויען. די אלע פארדערונגען האט זי אילוסטרירט מיט פאקטען פון לעבען, פיעלעס האט זי גענומען פון איהר קארעספאנדענץ מיט פרויען פון אנדערע לענדער, פיעלעס האט זי אליין איבערגעלעבט, בעאבאכטעט און טיעף דורכגעטראכט.

איהרע פארדערונגען זיינען גאנץ מאדערן, זי איז געוועזן איינע פון די ערשטע, פון די וויכטיגסטע און בעגאבטעסטע פיאנירקעס פאר פרויען־עמאנציפאציאן אין אייראפא. אין דייטשלאנד איז זי געוועזן די ערשטע אין דיזער בעציהונג.

אין צווייטען בוך ווענדעט זיך לעוואלד צו די ארבייטער, אז זיי זאלען ערוועקען אין זייערע פרויען אן אינטערעס צום געזעלשאפטליכען לעבען. אויך דא צייגט זי דורך שילדערונגען פון לעבען, ווי די פרוי איז פינסטער, ווי זי איז ניט אין שטאנד צו פערשטעהן די שטרעבונגען פון איהר מאן. יע, מען קען זי ניט בעשולדיגען דערפאר, וואס זי ווענדעט זיך ניט דירעקט צו דער פרוי. ווען איצט נאך מוזען אפט פערשיעדענע ארבייטער פארטייען אנקומען צו אזא מיטעל, טא וואס איז געוועזן מיט 45 יאהר צוריק!

לעוואלד האט אויך פארגעלייגט איינינגע איינריכטונגען פאר פרויען, זי האט אויך געהאלפען דורכצופיהרען עס אין לעבען און זיי עקזיסטירען נאך עד היום. אזוי, צום ביישפיעל, ספעציעלע הייזער, וואו מיידלאך קענען פערפאהרען, וואו עס איז ביליג, זיכער, און וואו מען גיט זיי די נויטיגע אינפארמאציעס — אהין פערפאהרען איבערהויפט דיענסט־מיידלאך און ארבייטערינען.

לעוואלד האט אויך געהאלפען גרינדען פרויען־רעסטאראנען, וועלכע עקזיסטירען עד היום, און וועלכע האבען מיט 40 יאהר צוריק געהאט זעהר א גרויסע בעדייטונג.

די 44 יאהריגע פאניע לעוואלד האט חתונה געהאט מיט דעם קריסטליכען דייטשען שריפטשטעלער, אדאלף שטאהר. זי האט זיך בעזעצט מיט איהר מאן אין בערלין. דא, אין צענטר פון אינטעלעקטועלען און געזעלשאפטליכען לעבען, פלעגט זי זיך אויפמערקזאם צוהערען צו דעם ארומיגען פיעל־שטימעדיגען לעבענס־כאר. אפיציעל האט זי ניט בעלאנגט צו קיין פארטיי. איהר סימפאטיע אבער האט געהערט צו דער דעמאקראטיע, זי האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דער ארבייטער־בעוועגונג; זי האט געזעהן אין איהר א צוקינפטיגע נייע פארם פון דער געזעלשאפט און האט עס געהאלטען פאר א סאציאלער נויטווענדיגקייט. זי האט זיך פיינדליך בעצויגען צום קלעריקאליזם און איבערהויפט צו אלע רעאקציאנערע שטרעמונגען. אויף דער עלטער האט זי זיך אנגעהויבען צו בעציהען סימפאטיש צום קייזער, בלייבענדיג צו דער זעלבער צייט אלץ נאך א דעמאקראטקע. ניט זייענדיג פראקטיש אין לעבען, האט זי געקענט פעראייניגען אט די ווידערשפריכע.

איהר הייראטהען און דאס לעבען מיט'ן קריסטליכען מאן האט זי נאך מעהר דערווייטערט פון דער אידישער סביבה. דאס איז אבער געוועזן נור אויסערליך. זי איז קיינמאל ניט געבליבען גלייכגילטיג צו די אידישע אינטערעסען. זי פלעגט זיך אפרופען אויף יעדע אידישע פערפאלגונג. זי האט ניט אויפגעהערט צו שילדערן אין איהרע ראמאנען דאס אידישע לעבען.

אין איהר לעצטען ראמאן, וואס איז ערשיענען א קורצע צייט פאר איהר טויט, שילדערט זי ווידער דאס אידישע לעבען. זי בריינגט דארט ארויס געשטאלטען, וואס זי האט געטראגען אין איהר נשמה פון קינדהייט אן.

זי שרייבט דאביי: „איך בין גליקליך, וואס דאס האט זיך מיר נאך איינגעגעבען... עטוואס עהנליכעס לעבט מען איבער בעת מען ענדיגט אן ארבייט, מיט וועלכע מען האט זיך ארומגעטראגען א סך יאהרען. מען זעגענט זיך אפ פון א וועלט, וואס מיר האבען אפילו בעשאפען; דארט געפינען מיר אבער מענשען, מיט וועלכע מיר האבען א מאל געלעבט צוזאמען. איך פיהל זיך היינט אזוי ווי איך וואלט עמיגרירט פון א לאנד און פון מענשען, וועלכע איך וועל מעהר שוין קיין מאל ניט זעהען".

און זי האט ווירקליך מעהר ניט געזעהן דאס לאנד און די מענשען; אין א קורצע צייט איז זי געשטארבען אין דרעזדען, אין עלטער פון 78 יאהר. זי האט געלעבט, ווי אנדערע בעריהמטע אידישע פרויען, א לאנגע צייט (45 יאהר) אין בערלין. זי האט שוין אבער געלעבט און געווירקט אנדערש פון די הערצס, מענדעלזאהנס און לעווינס. אנדערע צייטען, אנדערע פויגעל; אנדערע פויגעל, אנדערע ליעדער!

פסח גינזבורג

בלומען

ש. ט. געווידמעט.

ראזע בלומען שעפציען... יונגע בלעטליך רוישען...
אפגעהאקט א שארפער סערפ זיי און געפאנגען.
זייער זאפט און דופט צורויבען פרעמדע, שטאלצע,
בלומען ווייסען ניט—ס'איז זייער טאג פארגאנגען.

טרוימען: רייכע וועלטען, טרוימען: ברייטע וועלטען
פלעגען זיי אין דערפליך טרויעריגע, שטילע...
אפגעהאקט זיי איצטער האט דער שארפער סערפ שוין!
בעטען זיין; פערוועהט דער נאכט־ווינד זייער תפילה...

א. ליטווין.

אַ פאַרשפּעטיגטע טרעהר

(צו אליקום צונזער'ס יאָהרצייט)

אַך איצט קען איך זיך ניט פארשטעלען, אז דאָס איז אמת, אז ע ר איז געשטאָרבען. פונקט ווי פריהער האָט זיך צייטענווייז ניט געוואָלט גלויבען, אז ער לעבט. ווי אַ לעבעדיגע קמיע פון אַלטע, גרויע צייטען איז דער אַלטער דיכטער אומגעגאַנגען צווישען אונז, צווישען דעם אינגערען, דרייסטען און ניכטערען דור. מיר האָבען אַזוי פיעל איבערגעלעבט און איבערגעטראָגען, זינט ע ר, דער אידישער מינעזינגער, האָט זיינע ערשטע ליעבעס־ליעדער געזונגען. יע, ליעבעס־ליעדער זיינען זיי, ווייל אין זיי איז דאָ אַזוי פיעל ליעבע פון אַן איבערגעפילטער אידיישער דיכטער־נשמה צום אידישען פאָלק, צו דער כנסת־ישראל. ער איז אומגעגאַנגען צווישען אונז ווי אַ רעטעניס, ווי אַ איבערלעבונג פון אַמאָליגע זיסע און שמערצליכע קינדער־יאהרען. בעגעגענדיג אַמאָל איהם אַליין אויף איסט בראָדוויי, אָדער זיינעם א פערבלאָנזשעט וואָרט ערגעץ אין א צייטונג, האָט זיך קוים געגלויבט: ניט שוין לעבט ער צווישען אונז? ניט שוין איז דער נאָמען צ ו נ ז ע ר ניט אַ פערקלונגענע ליעד, נאר אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט?

מיר אידען קענען ניט שעצען אונזערע אוצרות. איינער פון אונזערע שעהנסטע אוצרות איז די אידישע פאָלקסשאַפונג. און וויפיעל צייט איז אָט דער אוצר פון אונזער פאָלקס־נשמה, אָט דער טיעפער קוואַל פון אונזער פאָלקס פריידען און ליידען פאַר אַ האַלבען יאָהרטויזענד, געוועזן ביי אונז פערוואַלגערט אין מיסט! דער נאָמען „בדחן" איז געווען ביי אונז אַ זידעל וואָרט. די ליעדלעך פון די אונבעוואוסטע בדחנים, געדרוקט אין די ביליגע קאָפּיקענע מעשה־ביכלעך, האָט אַ משכיל, אָדער אַ מאָדערנער אינטעליגענט, צו אינטעליגענטקע זיך געשעמט אין האַנד צו נעהמען.

אונזער פעראַכטונג צום אידישען פאָלקס־ליעד און צו זיין דיכטער האָט זיך אָבגערופען אין איהם גופא, אז ער אַליין, אָט דער נאַטור־זינגער פונ'ם אידישען פרייד און לייד, האָט זיך בעהאַלטען פון אונז מיט זיינע ליעדער, האָט זיך געשעמט מיט דעם הייליגען פייער, וואָס האַט אין איהם געברענט און דורך איהם געלויכטען צום אָרימען פאָלק און פערזיסט זיין טרויעריגען לעבען. איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען די סצענע, וואָס איז פארגעקומען מיט 9 יאהר צוריק, אויף מאָרגען נאָך דעם, ווי איך האָב, ערב צונזער'ס יובילעאום, געשריבען לכבוד איהם אַן ארטיקעל אין „פאָרווערטס" מיט דעם צוועק צו געבען אַ קורצען איבערבליק איבער זיינע טהעטיגקייט און בעדייטונג אין וועקען רעספעקט צום ארבייטער אין די אידישע לעזע־מאַסען. אין דעם ארטיקעל האָב איך זיך בעמיהט צו ערקלערען, אז „בדחן" ביי אונז איז דאָס זעלבע, וואָס „מינעזענגער", „באַרד", „מינסטרעל" ביי אנדערע פעלקער. נאָר צונזער האָט זיך שטארק בעליידיגט פון דעם וואָרט „בדחן", וואָס איז עטליכע מאָל דערמאָנט געוואָרען אין דעם ארטיקעל. אויף מאָרגען, נאָך דעם, ווי דער ארטיקעל איז ערשיענען, איז ער געקומען — מיט זיין פרוי — זעהר אַן אויפגערעגטער און זיך ביטער בעקלאָגט אויף מיר, פאַר וואָס איך האָב איהם בעליידיגט. אומזיסט האָב איך זיך בעמיהט צו בערוהיגען דעם דיכטער, אויפווייזענדיג איהם, אז איהם האָב איך ניט געמיינט, אז איך האָב ניט געקענט מיינען צו בעליידיגען איהם, בעת איך פיהל צו איהם באמת דעם פולסטען רעספעקט. אומזיסט האָט אויך זיין אינגערער זוהן זיך געמיהט מיך צו פערטהיידיגען. דער אַלטער האָט זיך אין גאַנצען ניט בערוהיגט.

פון דאמאָלסט אָן האָט מיך שטענדיג געקרענקט, ווען נור איך האָב זיך דערמאָהנט אויף יענער סצענע פון ערגערניס און פערדרוס, וואָס איך האָב דעם פאָלקסדיכטער, געגען מיין אייגענעם ווילען, פעראורזאַכט.

איך האָב נאָכדעם געטראַכט, געזוכט זיך צו ערקלערען: פון וואַנען קומט אָט די מיספערשטענדניס צווישען אונז און איהם, דעם אידישען באַרד? און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז שולדיג זיינען מיר. מיר קענען זיך נאָך עד היום ניט בעפרייען פון דער אָנגעקראָכמאָלטער שטייפקייט און אָלימפּישער הויכקייט פון דער משכילישער עפּאָכע מיט איהר פלאַכען, עגאָאיסטישען קוק אויף פּאָעזיע און ליטעראטור בכלל.

אום צו קענען אָבשאַצען צונזער'ס בעדייטונג פאר דער אידישער קולטור, פעהלט נאָך דערווייל דער נויטיגער שטאַנדפונקט אויף אונזער קולטור־געשיכטע. מיר זיינען קוים בעוואוסט, וואָס פאר אַ געוואַלדיגע עפּאָכען אונזער לעבען האָט דורכגעמאַכט פאר דעם איין פאָרי־

גען יאָהרהונדערט. חסידיזם, השכלה, נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם!

אָט די פיער וויכטיגע רעוואָלוציעס האָבען מיר דורכגעלעבט אין צוויי, דריי דורות. און — גאַנץ אָפט — אין איין דור. עס לעבען נאָך צווישען אונז מענשען, פון זיי ניט ווייניג יונגע לייט, אין די פערוואָרפענע פּוילישע און גאַליצישע שטעדטלעך, וואָס האָבען זיך אליין, אין זייער אייגענער נשמה, דורכגעמאַכט אָט די אַלע פיער עפּאָכען—אַזוינע שטאַרקע אויפטרייסלונג און מעכטיגע איבערלעבונגען, וואָס עהנליכע צו זיי האָבען אונזערע זיידעס און עלטערזיידעס ניט איבערגעלעבט אין א משך פון 100 יאָהר. מיר געפינען זיך נאָך צופיעל אונטער דעם ווירקונג פון די ניט לאַנגיגע איבערלעבונגען, מיר האָבען זיך ערשט נור וואָס גענומען קלייבען די רויהע מאַטעריאַלען פון דעם בנין פון אונזער — איך מיין די רוסישע אידענס — געשיכטע און קולטור.

און אָט אין דער געשיכטע וועט אליקום צונזער פערנעהמען א בכבוד'יגען פּלאַץ. ער וועט געשטעלט ווערען אין איין שורה מיט אברהם מאַפּו, קלמן שולמאַן, אייזיק מאיר דיק. איך וויס, אַז די העברעאיסטען און די ריינע „עסטעטען" אין אונזער אידישער ליטעראַטור וועלען אַזאַ פערגלייכונג האַלטען פאַר א גרויסע פערשוועכונג. אָבער דער שטריינג אָביעקטיווער קריטיקער און היסטאָריקער פון דער צוקונפט וועט זיך דערפון ניט אָבשרעקען.

אַלס פאָלקסדיכטער אָבער וועט אליקום צונזער פערנעהמען גאָר אַן אייגענאַרטיגען פּלאַץ. ער וועט שטעהן אין גאַנצען אָבגעזונדערט. געבאָרען אין אַן עפּאָכע, ווען די פּרימיטיווע אידישע פאָלקס־פּאָעזיע האָט געהאַלטען ביים אָבשטאַרבען, און די נייע מאָדערנע פּאָעזיע האָט געהאַלטען ביי געבאָרען ווערען, האָט צונזער—אַזוי האָט געוואָלט דער שיקזאַל—פעראייניגט אין זיך דאָס שעהנסטע פון דער ערשטער, און צוזאַמען דערמיט — גאַנץ קענטיגע שפּראָצען פון דער לעצטער. דעריבער קען צונזער ניט געמאָסטען ווערען ניט מיט דער, ניט מיט יענער, נאָר מיט זיין אייגענער מאָס.

אליקום צונזער איז אַרויסגעטראָטען אויף דער סצענע אין רעכטען ברען פון דער השכלה־עפּאָכע, אין איין צייט מיט א גאַנצע רייהע שרייבער — השכלה־קעמפּפער. דאָס דאַרפען מיר נעהמען אין בעטראַכט, ווען מיר געהען אָבשאַצען צונזער'ס בעדייטונג. דער שריפטשטעלער פון יענער עפּאָכע האָט געלעבט מיט דיזעלבע אידעאַלען, ווי די בעסערע רוסישע שריפטשטעלער פון די 60טע יאָהרען. זיי האָבען זיך ניט געקענט ערלויבען דעם לוקסוס: איינשליעסען זיך אין איין ווינקעלע פונ'ם ליטעראַרישען שאַפען. דער דיכטער, צו דער נאָוועליסט, צו דער ראָמאַניסט, האָט צו דערזעלבער צייט אויך געמוזט זיין א מגיד, אַן אַגיטאַטאָר, א פּובליציסט, א טרובאַדור פאַר די נייע אידעען, וואָס האָבען איהם בעגייסטערט. ער האָט געמוזט זיין אי דיכטער, אי קעמפּפער, אי ראָמאַניסטט, אי פרעדיגער. דעם זעלביגען פעהלער וואָס מיר בעמערקען ביי צונזער'ן: דאָס צווישען זיינע לידער געפינען זיך א סך, וואָס זיינען בלויז געריימטע פּובליציסטישע מאמרים, געפינען מיר ביי א גאַנצע רייהע שרייבער פון דער השכלה־עפּאָכע. מאַפּו, סמאָלענסקי, דיק, לינעצקי — דאָס זיינען אַלץ שרייבער מיט טאַלאַנט — ביי וועלכע די בעלעטריסטיק איז געמישט מיט פּובליציסטיק און וועלכע קענען זיך ניט איינהאַלטען רוהיג אויף זייער קינסטלערישען געביט, וואו די פערזאָן פון דעם אויטאָר מוז זיין פערבאָרגען, אַז דער לעזער זאָל איהם ניט מערקען. זיי רייסען זיך אָפט איבער אין מיטען, טרעטען אַרוים פון זייער קינסטלערישען בעהעלטנים און בעווייזען זיך פּנים אל פּנים צום לעזער אין דער ראָלע פון אַגיטאַטאָרען אָדער, ניט זעלטען, פון פּשוטע מגידים, לויט דער פאָרם, אָבער מיט א גאַנץ נייען אינהאַלט.

מיר דאַרפען דעריבער ביי צונזער, אַזוי ווי ביי אַלע דיכטער פון יענער עפּאָכע, אָבטיילען אָט די עלעמענטען איינער פון דעם אַנדערען און אורטהיילען יעדען בעזונדער פון דעם קולטור־היסטאָרישען און דעם קינסטלערישען שטאַדטפּונקט.

ווען מיר זאָלען ביי צונזער'ן אַרויסלאָזען אַלע זאַכען, וואָס זיינען ניט מעהר ווי געריימטע פּובליציסטיק, וועט נאָך איבערבלייבען גענוג, וואָס צוליעב זיי קומט איהם מיט פולען רעכט דער טיטול פאָלקסדיכטער אין שעהנסטען זין.

איך וויל דאָ אגב בעמערקען דעם טעות, אין וועלכען צונזער'ס קריטיקער פאַלען אריין, צורעכענענדיג פאַר פּראָזאַאישע אַזעלכע לידער, וועלכע זיינען באמת עכט קינסטלערישע פאָלקסלידער, נאָר זיי מאַכען ניט דעם געהעריגען איינדרוק, ערשטענס — צוליעב דעם מאוס'ען מעשה־ביכעל־פּנים, וואָס די קאָפּיקענע ליעדערזאַמלונג האָט; צווייטענס — צוליעב דעם, וואָס דער דיכטער איז ניט געווען קיין בקי אין הלכות ריטם אין גראַם און פּונקטואַציע און האָט צושטעלט זיינע לידער אין שורות אָפט נעגען די געזעצען פון פּאָעטישע ווערק.

נעהמט צ. ב. זיין „ליעד פונ'ם אייזענבאַהן". אין דעם אַלטען פאָר־גראָשענעם ליעדערביכעל מיט די גרויע שמאַטע־פּאַפּיר, מיט דער צוקאַליעטשעטען שריפט, מיט דער קאַליקער קאָרעקטור שטייסט עס אייך אָב. דרוקט אָבער דאָס זעלבע ליעד אָב אויף א שעהנעם פּאַפּיר, שטעלט די ריכטיגע פּונקטואַציע, שטעלט איין

די שורות ווי עס פּאָדערט די מוזיק פון׳ם ליעד, און איהר וועט זיך דאַן איבערצייגען, אַז דאָס איז עכטע פאָלקס־פּאָעזיע.

צונזער איז געווען אַ וואונדערליכער מייסטער פון׳ם ריטם און גראַם. ער האָט דערביי בעשאַפען זיין אייגענטהימליכען אַרט. מיט אַן אונבעגרייפליכער לייכטקייט געהט ער איבער פון איין גראַם פאָרם צו דער אַנדערער. אויף אַ קורצער שטרעקע פון איין סטראָפע בייט זיך קאַפּריזנע דער מעטער, שלענגעלט זיך און פלעכט זיך. דאָ פליעסט ער לאַנגזאַם, באַלד ווערט ער אונרוהיג, האַסטיג, שטורמדיג, און— ווידער רוהיג, מעלאַנכאָליש. זיינע לאַנגע סטראָפען זיינען אייגענטליך קאָמבינאַציעס פון אייניגע סטראָפען, פערשיעדען מיט זייער מעטער. אָבער זיי גיסען זיך אַלע צוזאַמען אין איין שעהנע האַרמאָניע.

פון אויבען אויף דוכט זיך אייך, אַז צונזער האָט אין זיין שאַפען פערלוירען די פּשוטקייט, די קורצקייט פון׳ם פאָלקסליעד. אין אמת אָבער, מיט דעם וואָס ער האָט דאָס פאָלקסליעד קאָמפּליצערטער געמאַכט, האָט ער ביי איהם נאָך אַלץ ניט צוגענומען זיין פאָלקסטימליכען האַראַקטער, זיין תמימות און פּשטות. אפילו אין זיינע קאָמפּליצירטע ליעדער איז זעהר לייכט צו דערקענען די ריינע עלעמענטען פון פאָלקסדיכטונג. און דאָס איז טאַקע די סבה פאַר וואָס יעדע אַרבייטער־מיידעל, יעדער שניידער־בחור, האָט ניט קוקענדיג, וואָס צונזער׳ס ליעדער זיינען לאַנג און די מעלאָדיע אָפט אַזוי געדרעהט און פערפּלאָכטען, גלייך זיי איבערגענומען. אין ווייניגע טעג אַרום, נאָך דעם ווי צונזער האָט זיין ליעד צום ערשטען מאָל פאָרגעטראָגען אויף אַ חתונה, האָט מען זי שוין געזונגען אין אַלע גאַסען.

איך וועל ברייננגען אַ פּאָר ביישפּיעלען, נעהמענדיג אייניגע פון צונזער׳ס ליעדער פון זכרון, לויט ווי איך געדענק זיי פון קינדוויז. צוערשט לאָמיר טאַקע נעהמען די אייגענע „ליעד פון׳ם אייזענבאַהן". שטעלען מיר איין דאָס ליעד לויט דעם ריכטיגען מעטער און ריטם. דאַן וועלען מיר זעהן ווי פון איין לאַנגען „פּערז" ווי מען רופט געוועהנליך אַ סטראָפע אין פאָלק, בעקומט זיך אַ גאַנצער שטרויס פון שעהנע סטראָפען.

אַ גאַנצע וועלט מיט אייזענבאַהנען
איז אין אונזער צייט געוואָרען,
וועלכע פיהרען
פּאַססאַזשירען
אָרעם און רייך.
לויפט זעהט דעם חדוש
און האָט בזכרון
אַז דאָס איז אַ משל
פּונקט געגען אייך.

* * *

מיר זיצען דאָס
אין די וואַגאָנען,
דער לאָקאָמאָטיוו איז די צייט;
און ער פיהרט מיט זיך
מענשען מיליאָנען
און פליהען ווי די קוילען אין שטרייט.
יעדוועדע רעלסע
איז אַ סעקונדע,
יעדוועדע סטאַנציע איז אַ יאָהר;
יעדוועדע קאַסאַרקע
איז גלייך צו אַ שטונדע,
אַ פּאַיעזד אין גאַנצען אַ דור.

* * *

אַז מ׳הייסט אַראָב,
טו דיינג זיך ניט,
כאָטש דו ביזט ניט
קיין אַלטער מאַן;
דיין בילעט איז אויס,
דו ווייִנסט אומזיסט!
אַזוי איז בעשטימט פון גאָט
דירעקטאָר - באַהן (באַהן־דירעקטאָר)

דאָס ליעד איז געמאַכט געוואָרען, בשעת אין ליטע האָבען זיך צוערשט געוויזען די באַהנען. דעם שטאַרקען איינדרוק, וואָס אָט דער נצחון פון דער קולטור האָט געמאַכט אויף די גייסטער פון יענער צייט אין אידישען תחום, קענען מיר, וואָס זיינען געוועהנט צו די באַהנען, ווי צו אַלטעגליכע ערשיינונג, זיך קוים פאָרשטעלען. אַ סך דיכטער אידישע און ניט אידישע האָבען בעזונגען אָט דעם נייען פּראָדוקט פון דער ציוויליזאַציע. דאָך צווישען יענע אַלע אייזענבאַהן־דיכטונגען, זיינען ווייניג פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָלען זיין אַזוי סימבאָליש־שעהן, אַזוי פאָלקסטימליך איינפאַך און דורכגעדרונגען מיט אַזאַ טיעפען ערנסט, ווי צונזער׳ס „אייזענבאַהן־ליעד".

אַ גאַנצע רייהע ליעדער, וואָס בעלאַנגען צו דער ערשטער עפּאָכע פון צונזער׳ס שאַפען, אונטערשיעדען זיך כמעט מיט גאָר נישט פון ריינע פאָלקס־פּאָעזיע. ס׳איז נור גענוג אָנצואווייזען אויף׳ן „זומער מיט׳ן ווינטער":

דער זומער פאַר׳ן מענשען,
ווי ליעב איך בין, ווי טריי,
איך דעק די פעלדער מיט גרינסען צו,
איך מאַך די לופטען פריי;
און דו ווינטער, דו מערדער,
ווער זיינען דיינע געסט?
די שנייען, די טומאַנען
מיט די גרויסע פרעסט.

די זעלבע פרישקייט, אונגעקינסטעליכקייט און נאַאיוויטעט פון אמת׳ער פאָלקספּאָעזיע שפּריצט פון „ר׳ תחנון", פון דעם „פּוסטען פּראַנט", פון אַ גאַנצער רייהע אַנדערע אַזוינע קורץ־סטראָפיגע ליעדער. אַסך אַנדערע ליעדער

צונזער׳ס, וואָס האָבען לייגגערע שורות, צייכ־נען זיך אויס מיט דער עכט־ פאָלקסטימליכער איינפאַכקייט, קלאָהרקייט, און הערציגקייט פון דער שפּראַך און, צו דער זעלבער צייט, מיט דער רייכקייט פון דער פאָרם אין ליטעראַרישען זין.

נעהמט אַ שטייגער: „רחל מבכה על בניה".

די זון האָט אַנגעוויזען אין מערב זייט
מיט איהרע רויטע פלאַמען, אַז זי נעמט אַבשייד,
און די נאַכט מיט איהרע פינסטערקייט
האָט אַנגעטאהן די ערד אין אַ שוואַרצע קלייד.
די וועלט מיט איהרע לייט — זיי שווייגען שטום,
די נאַטור שלאָפט סיי בארג, סיי טאָל;
די לבנה געהט זיך גאַנץ שטיל אַרום,
און פון די שטערען הערט מען אויך קיין קול.
נור אַ שטימע די שטילקייט צושלאָגט,
אַ קול פון אַ פרוי וויינט און קלאָגט;
מיט דער פידעלע שפּיעלט זי נאָר צו
אַ טרויעריגע מעלאָדיע...

אָט די דאזיגע איין סטראָפע בייט דריי מאָל דעם מעטער. קוקט זיך איין טיעפער אין די דריי טיילען פון דער איין סטראָפע, וועט איהר זעהן, אַז אָט די ענדערונג פון מעטער און ריטם איז נאַטירליך. זי איז אַ פועל יוצא פון דער אינהאַלטס־ענדערונג, ווייל יעדערער פון די דריי טהיילען שטעלט פאַר אַ בעזונדער בילד, וואָס וועקט אין דעם דיכטער אַ בעזונדער שטימונג און צווינגט איהם צו ענדערען זיין טאָן, אין איינקלאַנג מיט דער שטימונג. דאָס זעלבע קומט פאָר כמעט אומעטום, וואו די ענדערונג פון די בילדער רופט אַרויס אין דעם פאָלקס־זינגער אַ נייע שטימונג.

צונזער׳ס אַ ליעד ציהט אונז אַריין ניט בלויז אין די פערבאָרגענע ווינקלען פון זיין נשמה, נור אויך אין דעם פאָלקס נשמה. ניט אומזיסט האָט צונזער׳ן אַזוי ליעב געהאַט צו הערן יעדער איד: פון דעם פשוט׳ן בעל הבית ביז דעם געשטודירטען אינטעליגענט, פון דעם סוחר, דעם גביר, ביז דער אָרימער דיענסטמיידעל. זיין ליעדער האָט די הערצער פון שטאָלצע און רייכע איידעלער און ווייכער געמאַכט. די גלייכגיל־טיגע און ענטפרעמדעטע נעהענטער געבראַכט צום פאָלק, און די דערשלאָגענע פון די מאַסען אויפגעמונטערט, געהויבען, געעפענט פאַר זיי נייע האָריזאָנטען פון אַ ברייטערע וועלט און וועלט־אַנשויאונג.

צונזער׳ס ליעד וואָרט אויף זיין קומענדען קריטיקער, וואָס וועט בעטראַכטען זיין שאַפונג, ניט פון איין זייט און פון איין שטאַנדפּונקט, נור פון אַ גאַנצע רייהע אויסזיכטס־פּונקטען. דער צוקינפטיגער קריטיקער וועט אָנווייזען וואָס האָט ער גענומען פון און וואָס האָט ער אַריינ־געטראָגען אין די אוצרות פון דער פאָלקס־שאַ־פונג. ווען דער פאָלקלאָר וועט ביי אונז פערנעה־מען דעם זעלבען עהרענפּלאַץ, וואָס זי פערנעהמט ביי אַלע פעלקער, וועט אויך אָט דער גרעסטער אידישער באַרד בעקומען זיין געהעריגע אָבשאַ־צונג. פריהער פון אַלץ איז נויטהיג אַלע זיינע ליעדער, צוזאַמען מיט די נאָטען, צו זאַמלען און אַרויסגעבען אין אַ פאָלשטענדיגער שעהנער און ביליגער אויסגאַבע. איך גלויב, אַז די פריינדע פון אידישען פאָלקלאָר—און אַזעלכע זיינען דאָ געוויס ניט וועניג צווישען דער אידישער מאַסע און אינטעליגענץ—וועלען נעהמען אויף זיך אָט די וויכטיגע אויפגאַבע און לאָמיר האָפען, אַז צום צווייטען יאָהרצייט פון דעם בעליעבטען פערשטאָרבענעם פאָלקס דיכטער, וועט יעדער פריינד פון דעם אידישען פאָלקס־ליעד האָבען די מעגליכקייט צו בעצירען זיין ביבליאָטעק מיט דער פולער אויסגאַבע פון צונזער׳ס האַרציגע ליעדער.

ה. טייטעלבוים

א פריהלינגס־טרוים

א פריהלינגס־נאַכט ציטערט מיט שמעקענדע ריחות,
א חלום א שטילער שוועבט אום;
עס וועבט זיך ווי עפּעס א סוד אין דער לופטען,
א זאַנפטיגער, צאַרט ווי א בלום.

א שטילענקער ווינטעלע גלעט מיר מיין פּנים,
די אויגען פערמאַכען זיך קוים;
כ׳בין, דוכט זיך, איצטער אויף יענער זייט וואַסער,
דאָרט וויט הינטערן ים, אין דער היים...

און אָט איז מיין שטעדטיל, וואו איך בין געבאָרען,
מיין קינדהייט, מיין יוגענד פערבראַכט;
זי שטעהט איצט אַזוי ווי פערטרויערט, פער׳יתום׳ט,
און קוקט אין דער לויטערער נאַכט.

דיזעלביגע געסלעך, דיזעלביגע הייזלעך,
די פריזבעס אַרום ווי אמאָל;
אָט זיצט דאָרט מיין אַלטיטשקע באָבע ביים סדור,
און בעט מיט אן אומעטיג קול...

און אָט איז די הייזקע אַנטקעגען דעם שול־הויף,
דער גאָרטען ביי יענער זייט וואַנד;
צום ערשטען האָב איך דאָ געליעבט אין מיין לעבען,
געדריקט דאָ א מיידעלשע האַנד...

איך זעה, דוכט זיך, איצטער מיין גאָלדענע פראַדעל,
די אויגען, די בלאָהע, אַצינד;
כ׳פרעס זי צום האַרצען און שעפּטשע אויפ׳ן אויער:
„איך ליעב דיך, מיין טייערע קינד!"...

א פריהלינגס־נאַכט ציטערט מיט שמעקענדע ריחות—
עס טרוימט זיך, עס טרוימט זיך אצינד! —
א פריהלינגס־טרוים ביזטו מיין גאָלדענע פראַדעל,
א טרוים נור, אָה ליעב־צאַרטעם קינד!...

אב. אסטראווסקי

וו. ווערעשצאגין—דער מאהלער פון מלחמה

ווערעשצאגין פערנעהמט גאר א בעזונדערן פלאץ אין דער געשיכטע פון מאלעריי א דאנק זיינע בילדער וועגען מלחמה. ביז אהער האבען די מאלער פון מלחמה, די באטאליסטען, געזונגען לויבגעזאנגען די גרויסע ערָאבערער, געריהמט די העלדענטהאטען פון די פיהרער, און די מלחמה גופא האבען זיי פארגעשטעלט ווי א רייה פרעהליכע און דרייס־טע אטאקעס. די אנטיילנעהמער פון דער מלחמה האבען געהאט נור איין אויפגאבע: בע־געהן איין העלדישקייט נאך דער אנדערער. ווע־רעשצאגין האט געוויזען די פערקעהרטע, די לינ־קע זייט דערפון, וואס מען רופט רוהם. ער אליין האט גוט געוואוסט, וואס עס איז אין דער אמת'ן א מלחמה, ער האט אליין פיעלמאל זיך בעטייליגט אין די אויסשלאכטונג־ספעקטאק־לען. ער האט געוואוסט, אז די געריהמטע העל־דענטהאטען זיינען ניט מעהר ווי צופעליגע עפי־זאדען פון דער מלחמה, און די מלחמה גופא איז — שרעקליכע ליידען, הונגער, קעלט, פער־צווייפלונג און אלערליי מיתות־משונות.

דיעזע זייט פון מלחמה האט דער ערשטער געוויזען ווערעשצאגען. זיינע ווערק ערשיטערן. ער האט געמאלען מלחמה־סצענען, אזוי ווי ער האט זיי געזעהן מיט זיינע אויגען: בלוטיג און שוידערליך. זיינע בילדער שטעמפלען די מלחמה ווי א שרייענדע אונגערעכטיגקייט, ווי א שטיק ווילדפלייש אויף דער ציוויליזאציאן. זיינע בילדער וועקען עקעל צו מלחמה, זיי צווינ־גען אייך זיך צו פערטראכטען וועגען איהרע שוידערליכקייטען. דער בעריהמטער דייטשער פעלדמארשעל מאלטקע, נאך א בעזוך אויף דער בערלינער אויסשטעלונג פון ווערעשצאגינ'ס בילדער אין 1882, האט שטרענג פערבאטען זיינע אפיציערען צו געהן אנקוקען די בילדער. אין וויען האט די העכערע אדמיניסטראציע געוואלט פועלן, אז מען זאל ווערעשצאגינ'ס בילדער אוועקנעהמען פון דער אויסשטעלונג — אונטער דעם אויסרייד, אז זיי דעמאראליזירען דאס מיליטער.



„טסס... זאלען זיי אריין!"

מען האט ווערעשצאגינ'ען בעשולדיגט, אז ער שטרייכט בכיוון אונטער די שרעקען פון דער מלחמה, און פערשווייגט איהר שעהנערע, בע־סערע זייט. דערויף האט דער מאלער געענט־פערט: „דער, וואס האט געזעהן די מלחמה

„זיי זיינען אריין!“

פון דער נאָהענט, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען פון איהר קאָפּ, מוז אין דער מלחמה געפינען נור שרעקען. ער קאָן זיך בשום אופן ניט איינריידען, אַז א זיעג איז ערהאַבען, בעת זיינע אויגען זעהען נור טייכען בלוט, און זיינע אויערן הערען דאָס כאָרכלען פון גוסס'ע, און זיין האַרץ פערגעהט פון מיטלייד. טויזענדער וואַרפען זיך אין שלאַכט און יעדע מינוט פאַלען הונדערטערווייז טויטע און צוקריפּעלטע“.

די קונסט־קריטיק האָט ערקלערט זיינע בילדער פאַר טענדענציעז. צופיעל גוטסקייט, סענטימענטאַליטעט שרייט ארויס פון זיינע בילדער. די מעשה איז אָבער פונקט פערקעהרט. עס איז דאָ מעהר גרונד צו בעשולדיגען אין טענדענציעזיטעט יענע מאַהלער — באַטאַליסטען, וועלכע האָבען נור לויב־געזאַנגען פאַר מלחמה.

„מיר קענען זיך נאָך אַלץ ניט בעפרייען

„די זיעגער“

פון יענעם מיטעלאלטערליכען פאָראורטייל — שרייבט ווערעשצאַגין צו דעם דייטשען קונסט־קריטיקער לודוויג טיטש — אַז דער קינסטלער מוז ניט אַנדערש ווען עס איז, אָדער וואָס עס איז לויבען. די מעהרסטע זיינען אַזוי צוגע־וועהנט, אַז אויף די בילדער זאָל מען זיי פאָר־שטעלען נור יום־טוב'דיגעם, אַז זיי ווילען גע־פינען טענדענץ אין דעם, ווען מען וועט זיי מאָלען דאָס וואָכעדיגע לעבען. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויף יעדע שטונדע פון רוהם קומט אויס 20, 30, 40 און פיעל מעהר שטונדען ליי־דען און פיין. און דאָך האָט מען קיינמאָל ניט בעשולדיגט אין טענדענציעזיטעט דעם יעניגען, וועלכער מאָהלט נור די איין שטונדע פון זיעג (און דאָס איז דאָך די אמת'ע טענדענץ!), און ווער עס האָט נור געפּרובט זיך אָבשטעלען אויף די איבריגע 20, 30, 40 שטונדען, וואָס האָבען דאָך אויך א שייכות צו מלחמה, דער ווערט תיכף געשטעלט אונטער חשד פון טענ־דענציעזיטעט“.

און וואָס שייך זיין איבערגעטריבענע גוטסקייט און סענטימענטאַליטעט, איז ווירק־ליך ניטאָ קיין גרונד צו בעשולדיגען איהם דע־ריין: ער, אַלס אנטיילנעהמער פון פיעלע מלחמות, האָט ניט איין מענשען־לעבען אוועק־גערויבט מיט זיינע אייגענע הענד.

איז דען פאַרהאַן אַן עהרליכערע, געטרייע־רע שילדערונג פון מלחמה, ווי זי איז אונז גע־געבען אויף זיינע צוויי בילדער: „טסס... זאָ־לען זיי אַריין!“ און „זיי זיינען אַריין!“ דאָרט איז אויסגעדריקט דאָס סאַמע תמצית פון

„די זיעגער“



„די הינריכטונג פון די הינדוסען“



„די בעזיעגטע“

מלחמה: איין צד וויל פערניכטען פון אַנדער צד וואָס מעהר מענשען און ער שלאָגט דעם שוואַכען אַזוי לאַנג, ביז יענער נעהמט זיך בעטען רחמים, מען זאָל איהם לאָזען לעבען.

אויפ'ן בילד: „זאָלען זיי אַריין!“ זעהען מיר עס לעבעדיג פאַר די אויגען. אַן אָבטיילונג סאָלדאַטען לויערט הינטער די מויערן פון א פעסטונג—מען וויל אַרייננאַרען דעם שונא אינוועניג. די פּנים'ער פון די סאָלדאַטען זיינען אָנגעשטרענגט און אויפגערעגט. אַן אָפיציער רוקט זיך אויף די שפּיץ פינגער, דעם זעבעל האַלט ער גרייט, מיט דער לינקער האַנד ווייזט ער די סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך האַלטען וואָס שטילער. דער שונא טאָר דעם מינדסטען שאָרך ניט דערהערען. די סאָלדאַטען — אָט־אָט וואַרפען זיי זיך אויפ'ן שונא און פערניכטען איהם. די זעבעל און די ביקסען זיינען גרייט, דער באַראַבאַנשציק האָט זיך איינגעגעסען מיט זיינע אויגען אין אָפיציער — ביי יענעמס מינדסטען צייכען קלאַפּט ער טרעוואָגע. ער קעהרט ניט צו דעם קאָפּ צו דעם סאָלדאַט, וואָס שטעהט הינטער איהם און שעפּטשעט איהם עפּעס. דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט איז געכאַפּט אַזוי לעבעדיג און רעאַל, אַז צוזאַמען מיט די סאָלדאַטען ווערסטו אַריינגעצויגען אין דער שטימונג פון ערוואַרטונג. דיינע נערוועז ווערען



„אויף דער שיפּקע איז אַלץ אין אָרדנונג“

אָנגעשטרענגט — אָט־אָט, און דו וואַרפסט זיך אין שלאַכט.

אויפ'ן צווייטען בילד, „זיי זיינען אַריין!“ זעהען מיר דיזעלבע פעסטונג, כמעט דעם זעל־בען פּלאַץ, נור די שלאַכט איז שוין פערביי. דער שונא איז פערניכטעט און דער ציעל איז דערגרייכט. דו פיהלסט דעם גאַנצען אונזין פון מלחמה.

דיעזע צוויי בילדער כאַראַקטעריזירען ווע־רעשצאַגין אין זיין גאַנצער קראַפט און אָריגינאַ־ליטעט. און זיי צייגען אויך, מיט וואָס ווערע־שצאַגין אונטערשיידעט זיך פון די אַנדערע מאַ־לער־באַטאַליסטען.

זיינע פאָרגענגער וואָלטען געראַד די צוויי מאָמענטען פון שלאַכט איבערגעהופּט, און גע־מאָלט וואָלטען זיי, וואָס ווערעשצאַגין האָט אי־בערגעהופּט — דאָס אויסשלאַכטען פון שונא. ווייל דאָ וואָלט מען געקענט ווייזען די העל־דישקייט פון דער אויסשלאַכטענדער אַרמיי, אָדער פון איינינגע פון איהרע אַנטיילנעהמער. און דאָס וואָלט טאַקע געוועזן א טענדענציעזע אויסטייטשונג פון דער מלחמה. ווערעשצאַגין אָבער האָט די מלחמה ניט אויסגעטייטשט, נור ער האָט איהר געוויזען, ווי זי איז — אין איהר גאַנצער שוידערליכקייט.

דער שטאַרקסטער פּראטעסט געגען מלחמה,

„די פראַנצויזען מאַרשירען דורך דער ברענענדער מאָסקווע“

געגען איהר גרויזאַמקייט און באַרבאַריזם, איז אויסגעדריקט אין װערעשטשאַגינ׳ס בילד „די הינ־ריכטונג פון די הינדוסען“. מען טויטעט מיט אויסגערעכענטער קאַלטקייט. דער ציװיליזיר־טער ענגלענדער טויטעט דעם בעזיעגטען הינדוס — ער זוכט פאַר איהם אויס אַזאַ טויט, װאָס ביי איין געדאַנק װעגען דעם זאָל דעם הינדוס אָנכאַפּען אַ שוידער. ער בינדט צו דעם הינדוס צום האַלז פון קאַנאָן און לאָזט אָבפייערן אויף איהם די קויל. זיין גוף װערט צושמעטערט. ער האָט ניט נור גערויבט ביי איהם דאָס לעבען, נור אויך זיין האָפנונג אויף תחית המתים. דו שטעהסט און קוקסט אויף די אָנגעשטרענגטע פּנים׳ער פון די סאָלדאַטען, װעלכע האָבען מורא דורכצולאָזען דעם מאָמענט, װען עס װעט גע־רופט אין מלחמה אָרדנונג. אַפילו װען מענשען שלאַכטען זיך ניט איינע די אַנדערע, קומען די אומגליקען װאָס בעגלייטען די מלחמה און לייגען זיי אוים טויזענדערװייז. קוקט זיך צו װי ביסלעכװייז קומט אום א מענש. ער איז אויף זיין פּאָסטען איינער אַליין אין א שנעע־װיסטע־ניש. א ברענענדער פראָסט, אין איהם פינטעלט זיך נור איין געדאַנק — דער בעפעהל: היט דעם שונא! היט דעם שונא! און מיט דיזען פינטעל אין דער נשמה װערט ער איינגעפראָרען אין טויט אַריין. א יאָמער־געשריי װיל זיך אַרויסרייסען פון האַרצען איבער דיזען אונזין פון א מענשענ׳ס טויט.

עס איז שװער זיך פאָרצושטעלען װאָסע־רע ניט נור פיזישע, נור אויך גייסטיגע ליידען



„נאַפּאָלעאָן פאַר באָראדינאָ“

געבען װערען דער בעפעהל צו דער אַלגעמיינער הריגה, און דאָס בלוט װערט פערגליװערט אין דיינע אָדערן.

װי אויסגעצייכענט װערעשטשאַגין האָט גע־קענט די מלחמה, קאָן מען זעהן פון זיין בע־ריהמטען בילד „אויף דער שיפּקע איז אַלץ אין אָרדנונג“. קיינעם פון די פריהעריגע מאַלער־באַטאַליסטען װאָלט ניט איינגעפאַלען אַזאַ סו־זשעט. שיפּקא דאָס איז א פעסטונג אין די באַלקאַנען בערג. דער רוסישער חיל האָט איהר אַרומגערינגעלט און זיך דורכגעפלאַגט דעם גאַנצען װינטער אין די בערג, און די רעגיערונג האָט טאָג־טעגליך געדרוקט בערוהיגענדע ידיעות: „אויף דער שיפּקע איז אַלץ אין אָרדנונג“. צייגט אונז װערעשטשאַגין די איראָניע דערפון, װאָס מען דער מאַלער האָט איבערגעלעבט מאָלענדיג זיי־נע בילדער. ער פלעגט זיך פערשליסען אין זיין אַטעליע און קיינעם ניט צולאָזען צו זיך. „אין היץ און אין קעלט האָט מיך געװאָרפען — שרייבט דער מאַלער — װען איך האָב געזעהן די סצענען מיט מיינע אויגען און שפּעטער, װען איך האָב זיי געמאָלען“.

זיין טיעף פיהלענדע מענשליכע נשמה האָט ניט געקענט גלייכגילטיג זיך פערטראָגען צו מענשליכע ליידען, און ניט איין מאָל ביי דער אַרבייט פלעגט ער מוזען בעהאַלטען זיין פּנים פון די דיענער, זיי זאָלען ניט זעהן זיינע טרעהרען.

װיפיעל מיטלייד פיהלט זיך אין בילד „נאָך דער אַטאַקע“ (דער פעלד־שפּיטאָל)! װי עס

ריהרט אייך די הילפלאזיגקייט פון די פערוואונ־
דעטע! ווי נאטירליך, ווי גענוי — ביי דער
גאנצער קאמפליצירטקייט פון סוזשעט. יעדע
איינצעלהייט איז אזוי פאלקאם דורכגעפיהרט
געווארען, אז מיר ווערען ערשטוינט פון דער
רייכקייט פון זיינע בעאבאכטונגען. ער האט
פערמאגט א גאנצען אוצר פון איינדריקע, ער
האט זיי פערמאגט אין אזא איבערפלוס, אז זיי
האבען איהם געהאלפען בייקומען די שווערסטע
טעכנישע פראבלעמען, כאטש ער איז ניט געוועזן
קיין גלענצענדער טעכניקער.

נאך זייענדיג א שילער פון דער פעטערבור־
גער קונסט־אקאדעמיע און טעכניש נאך ניט גע־
נוג פארבערייטעט, פערלאזט ער די אקאדעמיע
און פאהרט אויף קאווקאז, פון וואנען ער
ברייגגט א רייה גלענצענדע בילדער, וואס איבער־



„די פראנצויזען שיסען די אונטערצינדער פון מאסקווע“

ראשען זיינע פראפעסארען.

באלד טרעפען מיר איהם ארבייטענדיג
מיט'ן גרעסטען פלייס אין פאריז, מינכען איבער
גרעסערע לייוועגטען. פאר צוויי יאהר שאפט
ער א גאנצע רייה בילדער פון גרויסען קינסט־
לערישען ווערטה. ער איז געטריי און גלייכצייי־
טיג שטרענג צו זיך אליין. בעת ער איז פער־
נומען אין אינדיען מיט א סעריע בילדער פון
דארטיגען לעבען, לאזט מען איהם וויסען, אז
די פעטערבורגער אקאדעמיע האט איהם בעעהרט
מיט'ן טיטעל פראפעסאר. ער זאגט זיך אב
דערפון מיט דער בעמערקונג, אז „די פרייע
קונסט ווייס ניט פון קיינע טיטולען“.

זיין בעגייסטערונג האט וועראשטשאגין גע־
שעפט פון ווירקליכען לעבען. ער איז אומעטום
געוועזן — אין רוסיש־טערקישען קריעג, אין
אינדיען, מיטעל־אזיען, אויף די הימאלאיען־
בערג און אויפ'ן אינזעל קובא, בעת דער שפא־
ניש־אמעריקאנישער מלחמה, און אין יאפאן,
און אומעטום וואס ער האט געזעהן, האט ער
פערצייכענט אין עטיודען, וואס זיינען איהם
שפעטער צוניץ געקומען אלס מאטעריאל צו זיי־
נע גרויסע בילדער.

וועראשטשאגין האט געוויזען די מענשען די
שרעקען פון מלחמה, און ער אליין איז אויך
געווארען איהר קרבן. ווען די רוסיש־יאפאנישע
מלחמה האט אויסגעבראכען, איז ער שוין גע־
ווען אן אלטער מאן פון 62 יאהר. ער האט
אויף דעם ניט געקוקט און זיך אוועקגעלאזען
אויפ'ן וויטען מזרח. ער האט דארט געוואלט
שעפען נייעם מאטעריאל פאר זיין פענזעל.
אבער דאס מזל האט אנדעריש געוואלט. דעם
31טען מערץ, 1904, איז ער אומגעקומען צו־
זאמען מיט'ן פאנצער־שיף „פעטראפאוולאווסק“.
זיין קבר איז דער תהום פון ים געוועזן.

דער טויט האט איהם געטראפען אויף זיין
פאסטען, אלס מאלער־בעאבאכטער. דער סיג־
נאל־געבער פון שיף, וועלכער האט זיך גערע־
טעט, האט דערצעהלט, אז „אט דער בראווער
אלטעטשקער, מיט אזא גרויסען, שעהנעם וויי־
סען בארד, מיט'ן „געארגיע“ אין לאץ, איז זיך
כסדר ארומגעגאנגען אויפ'ן דעק פון שיף מיט
א ביכעלע אין האנד און אלץ עפעס געשריעבען,
געשריעבען“.

„דער טריאומף פון מלחמה“

יהודה יפה

דער פנקס

יאהרבוך פאַר אידישע פילאלאגיע, אַרויסגעגעבען פון ווילנער פערלאַג קלעצקין, 1913

א יאָהר 5-6 צוריק האָב איך אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דער נויטיגקייט פון א ספעציעלען אָרגאַן, וואָס זאָל זיין א היים פאַר אַלע יענע, וואָס פערנעמען זיך מיט אידישע פילאָלאָגיע אָהן צוּוואַרפען זייער אַרבייט אין אַלערליי צייטונגען. איך האָב געהאַט אין זינען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קלייבען, אויף א שטריינג וויסענשאַפטליכען אופן, מאַטעריאַלען און פאָרשונגען פאַר אידישער פילאָלאָגיע.

עס איז דעריבער גרינג צו פערשטעהן, מיט וואָס פאַר א פרייד איך האָב דערוואוסט סוף 1912, אַז ש. ניגער האָט אין האַנד דעם ערשטען נומער פון אַזאַ יאָהר־בוך, דעם פנקס, וועלכער האָט בעדאַרפט אַרויסקומען אין עטליכע חדשים אַרום. דאָס האָט זיך אַביסעל צוצויגען און די שמחה צו האַלטען דעם פנקס אין די הענד, דאָ אין ניו יאָרק, איז געקומען ערשט אין מאַרטש 1914. באמת א שמחה פאַר אידען! א שעהנער ספר (אַזוי זעהט דער פנקס אויס, אין די ברוינע געשמאַקפולע טאָבלען) פון כמעט 500 עמודים, גרעסער איידער א זייט „צוקונפט“, האָט גענוג פּלאַץ פאַר די רעזולטאַטען פון די פילאָלאָגישע אַרבייט און דער אינהאַלט איז רייך און פולערליי. ליטעראַרישע ענינים זיינען ניט מיין פאַך, און איך וועל בעהאַנדלען נור יענע אַרטיקלען, אָדער חלקים פון יענע, וואָס זיינען שייך צו דער אידישער שפּראַך.

.1

באָראָכאָוו. — די אויפגאַבען פון דער אידישער פילאָלאָגיע. (ז. 1-22).

אָט דער אַרטיקעל פון באָראָכאָוו׳ן שטעהט אין ענגען צוזאַמענהאַנג מיט זיינע אָנמערקונגען (ז. 71-78) צו טשעמערינסקי׳ס אַרטיקעל*) און איך וועל זיי דאָ בעטראַכטען אינאיינעם.

באָראָכאָוו׳ס צוועק איז צו מאַכען אַן אויפרוף צו אַלע אידישע פילאָלאָגען צו פעראייניגען זיך אין א פילאָלאָגישע געזעלשאַפט, וואָס זאָל פיהרען די גאַנצע פילאָלאָגישע אַר־

*) די אידישע פאָנעטיק (זז. 47-71). וועגען דעם וועט אין „צוקונפט“ זיין א בעזונדער אַרטיקעל.

בייט, וועלכע יחידים קענען אויף זיך ניט נעהמען, ווייל „כל זמן מיר האָבען ניט פּראַוויניגט אונזערע פאָלקס־קרעפטען, כל זמן ס'איז ניטאָ קיין בר־סמכא'דיגע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר פילאָלאָגישע צוועקען, וועט די אידישע פילאָלאָגיע ניט זיין בכח צו ערפילען ווי געהעריג איהרע אויפגאַבען" (ז. 18).

דער גרונד־געדאַנק איז גאַנץ ריכטיג און דער פּנקס קאָן ווערען דער צענטער ארום וועלכען מען זאָל זיך פּעראייניגען. אָבער איין זאַך איז נויטיג, בלי־ספק, צו דערצו — מען מוז אוועקוואַרפען דעם ראָמאַנטיזם אין דער היץ־ליעבע צו אידיש, וואָס איז עד היום פערבליבען פון די אתה בחרתנו צייטען, און מען דאַרף קוקען אויף דער ארבייט מיט די ניכטערע אויגען פון שטרייננגע וויסענשאַפטליכע אונטערנעהמער. אין פילאָלאָגיע איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר מליצה וועגען דער „רייכקייט, וואָס ווערט נאָך פערגרעסערט דורך דער לעבעדיגקייט פונ'ם אידישען טעמפּעראַמענט, און לאָזט זיך פיהלען אויף יעדען שריט" (ז. 16). באַריהמען זיך מיט די פּיעלע אופנים, ווי אַ איד דריקט אויס דעב בעגריף פון אַ פּראָסטען און פון אַ מעכטיגען מענשען, אָדער זיין ניט־גלויבען אין אַ זאַך (ז. 16-17) איז אַקוראַט אַזוי קינדעריש, ווי עס איז נאַריש געווען צו שרייען, אַז אידיש איז אַ •זשאַרגאָן. אידיש איז א ו נ ז ע ר ש פּ ר א ך און אין דעם איז די גאַנצע זאַך, און דערפאַר האָבען מיר די שפּראַך ליעב, אפילו אז עס וואָלט געווען קוידעהוועלש, ווי דער רוס זאָגט:

„Дитя хоть криво, да мило".

אַז מען נעהמט זיך פאַר אַן ארבייט וויסענשאַפטליך, ארבייט מען מיט אָפענע אויגען — מען נעהמט אָן אַלע פאַקטען, צי זיי זיינען אנגענעם, צי זיי געפעלען ניט. אין אַזאַ אופן ארבייט האָט מען ניט קיין רעכט צו מאַכען **a-priori** אַ בעשלוס, אַז „די אידישע גראַמאַטיק, ווי מיר וועלען באַלד זעהען, מוז אין דער אמת'ן זיין גאַנץ דין, קיין צו פּיעלע כללים פערמאָגט זי ניט. נור פאַראַן איינינגע רייכע, מעכטיגע שפּראַכען, וואָס מען קען זייער „גראַמאַטיק" אויסדריקען נאָך קירצער, ווי די אידישע. אַלע ווייסען, ווי איינפאַך איז דער בוי פון דער ענגלישער שפּראַך — און ווי רייך זי איז אין בעגריפען און ווי הויך איז איהר קולטורעלע ווערטה" (ז. 6).

ערשטענס, וועל איך זאָגען, אַז אויב דער בוי פון ענגליש איז איינפאַך, איז זיין גראַמאַטיקע גאָר ניט דין, ד. ה. אויב ביי גראַמאַטיקע מיינט באַראָכאָוו, וואָס איז געגוג כדי צו רייִדען און פערשטעהן ענגליש — קען מען זי אויסלערנען אין אַ פינף־זעקס חדשים. אָבער דאָס, וואָס לעגט זיך איין אין כללים אין אַזעלכע שפּראַכען ווי לעטיין, אָדער סאַנסקריט, דאַרף מען זוכען אין גאָר פערבאָרגענע ווינקעלאַך פון דעם שפּראַך־גייסט פון ענגליש, און פון איבער 20 יאָהר ארבייט אין פערגלייכענדע שפּראַך־וויסענשאַפט און ענגליש, קען איך באַראָכאָוו'ן זאָגען, אַז נאָך יאָהרען שטודירען, איז זיך פּיעל גרינגער אויסצוגליטשען אין ענגליש אומבאַזעהענערהייד, איידער אין אַנדערע שפּראַכען מיט מעהר כללים'דיגע גראַמאַטיקעס.

און די זאַך איז גאָר ניט אַזוי, ווי דער לעזער קען מיינען פון באַראָכאָוו'ס רייד. אַזוי, די בעסטע ענגלישע גראַמאַטיקע, מעצנער'ס (אין דייטש), בעשטעהט פון דריי גרויסע בענדער פון איבער 600 זייטען יעדערער. און, למשל, די גרעסטע רוסישע גראַמאַטיקע (און אין רוסיש זיינען פּיעל מעהר כללים ווי אין ענגליש) בוסלאַעוו'ס, האָט נור 646 זייטען (1875). און די נייע ענגלישע גראַמאַטיקע, יעספּערסענ'ס, האָט נור דערווייל צוויי בענדער, 480 זייטען יעדערער; דער ערשטער איז פערנומען אין גאַנצען נ ו ר מיט ק ל אַ נ ג ע ן און א ו י ס ל י י ג ו נ ג ע ן. היינט וואָס איז דאָ צו ריידען, אַז אַ גראַמאַטיקע מ ו ז זיין קורץ, אויב די שפּראַך האָט ווינציג כללים?

און, צווייטענס, וואָלט באַראָכאָוו'ס רייד געהאַט אַ ווערדע, אויב ער וואָלט געזאָגט, אַז ער האָט אַ פאַרטיגע וויסענשאַפטליכע גראַמאַטיקע אין האַנד, און אַז זי א י ז זעהר דין. ער זאָגט נור, אַז זי מוז זיין דין. אויף דאָס קען מען זאָגען, אַז אויב די אידישע גראַמאַטיקע בעשטעהט אין „פאָרמולירען כללים" — באַראָכאָוו, טשעמערינסקי און וויינגער האָבען זעהר האָלט דעם אויסדרוק — וועט די גראַמאַטיקע מוזען זיין זעהר אַ דינע, און רייזענ'ס גראַמאַטיקע איז טאַקע דין און דאָך בין איך זיכער, אַז זי האָט ניט קיין וויסענשאַפטליכען ווערטה, ווייל ער פערשטעהט ניט, אַז אַ גראַמאַטיקע הייסט נור אַ וויסענשאַפטליכער ל י י ס ט ע ר פון איהרע שפּראַך־פאַקטען, און ניט אַ сводъ законовъ — ווי דעם גראַמאַטיקער איז געפעלען. אַז רייזען זאָגט (ז. 34-35), אַז דער געניטיב (род. падежъ) פון פּרץ, ליפשיץ, אבראַמאָוויטש—איז פּרצ'עס, ליפשיצ'עס, אבראַמאָוויטש'עס, ווייל זיי זיינען צוויי־זילביג מיט אַ ו ו אָ ק אַ ל פאַר'ן — צ, — טש, — אָבער גרעטצ'ס, שוואַרצ'ס, מאַרקס'ס, ווייל עס איז אַזוי אין אַלע איינזילביגע און אויך אין די מעהרזילביגע, וואָס האָבען פאַר די דאָזיגע ענדונגען אַ קאָנסאָנאַנט, — איז ער צוויי מאָל אין טעות: עס איז פּשוט ניט אַזוי, עס איז — ע ס אין ביידע פאַלען, און אַז ער וואָלט געהאַט כאָטש די קלענסטע פאַרשטעלונג וועגען פאָנעטיקע, וואָלט ער געוואוסט (איינע אָדער מעהר זילבען אַן

א זייט!) אז עס איז שווערער אויסצורײדען ווערטער ווען פאַר דעם צ, טש, איז פאַראַנען נאָך א קאנסאנאנט איידער אָהן איהם, און דעריבער איז דאָ — ע ס נויטיגער, איידער אפילו אין פּרצ׳עס, ליפשיצ׳עס.

„פאָרמולירען כללים" קען מען נור, ווען דער ג אַ נ צ ע ר ענין איז דורכגעפאָרשט, און פאַר דעם הייסט דאָס פשוט — ארויסשפּרינגען מיט פאָרמולעס. די „פאָרמולע": „צו דער ערשטער פּערזאָן פון דער געגענווערטיגער צייט (ווי, למשל, איך שרייב, רייד, פּאַקעווע, האָרעווע), ווען מען מאַכט דערפון א פשוט׳ען צייטוואָרט (פּעל מקור) איז גענוג צוצולייגען — ן".

דאָס גילט אָבער ניט אויף צייטווערטער, וואָס זייער שטאַם ענדיגט זיך מיט׳ן קלאַנג י, מ, נ, נג, נק, אָדער מיט א קאנסאנאנט מיט א „ל" נאָך איהם. אין אזעלכע פאַלען לייגט מען צו — „ען" —וואָס איך האָב געגעבען אין דעם אַרטיקל „שרייבן אָדער שרייבען"?" (ליטעראַטור I, ז. 108) — די „פאָרמולע" איז קורץ און האָט ניט קיין אויסנאַהמען, אָבער עס האָט אָפּגענומען 4־5 חדשים אַרבייט איבער׳ן גאַנצען פעלד פון אידיש צו ווערען זיכער, אז ד „פאָרמולע" איז ריכטיג אָ ה ן א ו י ס נ א ם, און פון איהר וועט באָראָכאָוו זעהען, אז כאַפּ־ן און פועל־ן זיינען אין כלל און ניט „אויסנאַמען" (ז. 20).

איך ווייס אין זאַך פאַר זיכער — מען קען אָנשרייבען א אידישע גראַמאַטיקע, אפילו ווי באָראָכאָוו׳ן געפעלט, זעהר א קורצע. אָבער דאָס וועט זיין זעהר א טרוקענע רשימה פון פאָרמולעס, וועלכע מען וועט קענען הייסען די אידישע קינדער לערנען אויף אויסווייניג, ווי מען לעהרנט איצט קירפּיטשניקאָוו׳ס רוסישע גראַמאַטיקע, אָבער א אידישע גראַמאַטיקע, וואָס זאָל הייסען וויסענשאַפטליך ביי פילאָלאָגען פון אומות העולם, ווי למשל, ווילמאַנסעס דייטשע גראַמאַטיקע, ק ע ן נ י ט זיין קורץ, ווי איך קען זעהן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב צונויפגעקליבען און האַלב אויסגעאַרבייט אין די לעצטע ניין יאָהר.

עס איז פיעל בעסער א ביסעל איבערצוטרייבען און „שלעפּען זיך", איידער ארויסצוקומען פאַר דער צייט מיט א זאַך, וואָס איז האַלב רוי און איז ניט ריכטיג. דערפאַר קען מען ד ע ר ו ו י י ל גאָר ניט זאָגען ווי אַלט די אידישע שפּראַך איז (ז. 4), אָדער צי אידען האָבען גערעדט פראַנצויזיש אין 11־13טען יאָהרהונדערט (ז. 9). דערפאַר איז צו־פריה צו ריידען וועגען די פּ ו נ ק צ י ע ס פון דעם דייטשען, העברעאישען און סלאַווישען עלעמענטען אין אידיש, און צו זאָגען „אַז מען קען דעם אונטערשיעד אזוי פאָרמולירען: די אידעען און בעציהונגען פונ׳ם אַלמענשליכען לעבען ווערען אויסגעדריקט אין דייטש; די ערשיינונגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אויפ׳ן באָדען פונ׳ם אינגוועניגסטען אידישען לעבען, ווערען אויסגעדריקט על פי רוב אין העברעאיש, און די פאָרמען און געפיהלען פונ׳ם אַלטעגליכען לעבען אינ׳ם ענגען פאַמיליען־קרייז אָדער גראָבע, נעגאַטיווע אייגענשאַפטען — אין סלאַוויש... אין אַלגעמיינעם אָבער שטאַמען די דייטשע ווערטער פונ׳ם ברייטען פּערקעהר צווישען אידען מיט דער אייראָפּעאישער וועלט; די העברעאישע און אראַמעישע ווערטער — פון קהלה־לעבען, פון חדר, פון דער ישיבה, פונ׳ם צדיק׳ס שטיבעל; און די סלאַווישע ווערטער — פון דער ענגער באַריהרונג מיט פּויערים, הויז־דיענסטען, שבת־גוים א. א. וו." (ז. 10). אפשר פאָרמולירט באָראָכאָוו די זאַך ריכטיג. איך קען גאָר ניט זאָגען אנטקעגען. נור מיר דאַכט זיך, אַז א י צ ט איז נאָך צו פריה צו זאָגען גאָר עפּעס. למשל: קוילען, זאָדיק, פּריידעק, זיידע, באָבע, פּלייצעס, קריזשעס, קאַטאָוועס, נעבאַך, בלאָטע — קומען פון סלאַוויש, און מיט וואָס זיינען זיי ווערטער פון א גראָבערע אַטמאָספערע, איידער די ווערטער — שלאַכטען, טרייבערן, הינטער־חלק, מומע, פעטער, לענדען, דוך, שפּאַס, שמוץ, אָדער די „סעקסועלע און ניט אנשטענדיגע ווערטער" (ז. 10), וואָס קומען פון גערמאַנישען עלעמענט און ניט פון סלאַוויש?

און דאָס ברענגט אונז צו נאָך א פּונקט פון וועלכען באָראָכאָוו מאַכט א גאַנצען וועזען. ער רעדט אַזוי פיעל וועגען ר י י נ י ג ע ן און בערייכערן די שפּראַך. גראַד איצט איז איבריג פון אַזעלכע זאַכען צו ריידען, ווייל וואָס איינעם זעהט אויס ריין, קומט גאָר אויס איבערגעפּוצט אין דעם אַנדערנס אויגען, און דער דריטער קוקט דאָס אָן פאַר שמוציג. און איך מיין דאָ ניט פּראָסטע אידען, נור דוקא די וואָס שרייבען וועגען אידיש. איינער מיינט, אַז אַלע סלאַווישע ווערטער אין אידיש זיינען א מין געשווירען, וואָס מען מוז אויסראַטען אָדער אויסשניידען — דער וואָלט שעפּען ווערטער נור פון דייטש, און דער צווייטער שרייט, אַז דאָס הייסט דייטשמעריש און ניט אידיש — בעסער נעהמען ווערטער פון לשון קודש; קומט דער דריטער און קלאָגט זיך, אַז זשיטלאָווסקי׳ס געטאָקטער סטיל איז גאָר א געקינצעלטע זאַך אָהן לעבען, א פּאַראַידישטער לשון קודש. און ווער איז גערעכט? ווער קען דאָ אָפּגעבען דעם ריכטיגען משפּט, אַזוי לאַנג ווי עס ווענדט זיך אָן געשמאַקט „און מיר איז אזוי געפעלען", כל זמן איבער אַלע פילאָלאָגישע דקדוקים שטעהט דער כלל פון אַלע כללים: וואוילקלאַנג?". (טשעמערינסקי, ז. 60).

נח פּרילוצקי׳ן, למשל, גרילצען פיעלע זאַכען אין אויער, דעריבער בייט ער זיי איבער

אויפ'ן „ריין אידישען אופן". אזוי האָט ער א וואָרט — מ ו י ל א ר ט*), וואָס ניט קיין איד און ניט קיין דייטש און ניט קיין טערק אפילו וועט ניט פערשטעהן. און ער איז צום וואָרט געקומען דורכ'ן גלוסט צו ר י י נ י ג ע ן די אידישע שפּראַך: מ ו נ ד־אַרט איז דייטש ווייל מ ו נ ד איז דייטש. פאַר „אמת אידיש" מ ו י ל, נו איז מוילאַרט אמת אידיש אנשטאַט פון מ ו נ ד־אַרט! און פּרילוצקי האָט אַזאַ רעכט ווי איך און באָראָכאָוו און טשעמערינסקי צו רייניגען די שפּראַך און אויסראַטען „גרייזען"!

מיט באָראָכאָוו'ס איינטיילען אַקצענטען (טראָפּען) אין 1) נאַטירליכע; 2) פּאַנעטישע, אָבגעהאַקטע און 3) אונרעגעלמעסיגע — איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו קריגען זיך. נור די בעהויפּטונג, אַז „דער נאַטירליכער טראָפּ (ווי דער אידישער) ציילט די ג ע ד א נ ק ע ן, דער אָבגעהאַקטער ציילט די ו ו ע ר ט ע ר און די ט ר א פּ ע ן" (זילבען) (ז. 76, דער קורסיוו איז באָראָכאָוו'ס) איז גאָר ניט ריכטיג. אין רוסיש און ענגליש (וועלכע באָראָכאָוו גיט אָן פאַר א ו נ ר ע ג ע ל מ ע ס י ג ע) איז דער פּאַרטונקלונגס געזעץ פון די אונבאַטאָנטע טראַפּען אזוי שטאַרק ווי אין אידיש אָדער דייטש: די וואַקאַלען אין דעם לעצטען (אונבאַטאָנטען) טראַף אין די ענגלישע ווערטער musician, seven, basin, mason, translation, ווערען פערטונקעלט און פערשוואונדען ווי אין אידיש אין זאָגן sagen. די רוסישע ווערטער стóлика (פון א טיש) און стóлько (אַזוי פיעל); бýдетъ (ער וועט זיין) און бýдитъ (ער וועקט) — הערען זיך אַלץ איינס אין ריידען; און אין лáпоть (א לאַפּטשע), кáпать (קאַפּען, טריפען) און кóпоть (דינע סאַזשע) הערען זיך די צווייטע וואָקאַלען אַלץ איינס.

אויב דער פּאַרטונקלונגס געזעץ פון אידיש איז אַזוי גרויס, קען דען באָראָכאָוו ניט איינזעהן, אַז טריט ביי טריט אַרבייט זיך אידיש איבער אין א שלימאַזעלדיגען פּאַנעטיש־אָבגעהאַקטען לשון, ווי פראַנצויז אָדער איטאַליעניש, למשל? אַז פון וואַלפּייל, בראַנטוויין, בוימאַייל ווערט וואַלוועל, בראָנפען, בוימעל, ד. ה. אויב אַלע אונבאַטאָנטע טראַפּען (זילבען) נאָכ'ן טראָפּ (אַקצענט) ווערען פערטונקעלט און פאַלען אַוועק, טאָ וועט דאָך אידיש האָבען דעם אַקצענט כמעט אַלע מאָל אויפ'ן לעצטען טראַף, ווי פראַנצויז! און פראַנצויז האָט אמאָל געהאַט טראַפּען נאָכ'ן טראָפּ — איינעם אָדער צוויי, נור זיי זיינען פערלאָרען געגאַנגען דורך דעם פּ א ר ט ו נ ק ל ו נ ס ג ע ז ע ץ. למשל, sur (אויף), mûr, (צייטיג), súper (וואָקזאַל) זיינען געווען לעטיין dépôt, matúrus, depósitum און לעטיין אַליין, און גאָר פאַרצייטען, ווען רוים איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, האָט אויכעט געהאַט אַן א ו נ ר ע ג ע ל מ ע ס י ג ע ן אַקצענט. און אַזוי קען מען געהן ווייטער און ווייטער.

אָבער איז עס ריכטיג, אַז אין אידיש (נאַטירליכער טראָפּ) ציילט די טראָפּ ד י ג ע ד אַ נ ק ע ן, און אין פראַנצויז (אָבגעהאַקט פּאַנעטיש) צ י י ל ט ע ר ד י ו ו ע ר ט ע ר און די ט ר אַ פּ ע ן?

דאָ זעהט דאָס אויס, אַז באָראָכאָוו'ן האָט פערפיהרט דער נאָמען ל אָ ג י ש ע ר, וואָס מען גיט א מאָל דעם דייטשען אַקצענט, פאַר וועלכען באָראָכאָוו נוצט דעם וואָרט נ אַ ט י ר־ ל א ך. דער נאָמען ל אָ ג י ש פאַר אַזאַ טראָפּ ווי אין דייטש האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט ג ע ד אַ נ ק ע ן, עס מיינט פּשוט צו זאָגען, אַז עס איז ל אָ ג י ש צו שטעלען דעם טראָפּ אויף דעמזעלביגען טראַף פון שורש אין אַלע ווערטער וואָס שטאַמען אָפּ פון איהם, און דייטש האַלט זיך אָן דעם מיט אַלע כוחות. אזוי נוצט דעם וואָרט ל אָ ג י ש ב. אַליין, ווען ער זאָגט: „אידיש באַטאָנט תמיד דעם ל אָ ג י ש־וויכטיגסטען טראַף... על פּי רוב דעם שורש"... (ז. 18־19). פאַר א י י נ צ ע ל נ ע ווערטער איז דאַריבער א נאַטירליכער טראָפּ ניט בעסער און ניט ערגער פון די אַנדערע. אָבער ווערטער שטעהען ניט אַליין ווי א בוימדעל אין הוילען פעלד; אזוי שטעהען זיי נור אין ווערטער־בוך. אין שפּראַך שטעהען זיי צ ו ז אַ מ ע נ ג ע־ ב ו נ ד ע ן אין ז אַ צ ע ן, און אין א זאַץ איז פיעל ו ו י נ צ י ג ע ר ג ע ד אַ נ ק ע ן א י י ד ע ר ו ו ע ר ט ע ר, און די ג ע ד אַ נ־ ק ע ן ציילט דער ז אַ ץ אַקצענט און ניט דער ו ו אָ ר ט אַקצענט. נור איצט מוז איך זיך אָבשטעלען א ווײלע וועגען ד ר י י אַקצענטען, וואָס באָראָכאָוו האָט צונויפגעפּלאָנטערט.

1) דער מ ו ז י ק אַ ל י ש ע ר אַקצענט, וואָס זינגט א העכערערע אָדער א נידעריגע נאָטע (Do, re, mi, fa...) שטאַרקער אָדער שטילער (forte, piano) אויף די פערשיידענע טראַפּען פון וואָרט אויף פערשיידענע אופנים אין פערשיידענע שפּראַכען — אין איינע זיינען די נאָטען העכער אויף די באַטאָנטע טראַפּען, נידעריגער אויף די אומבאַטאָנטע, און אין אַנדערע שפּראַכען גראַד פערקעהרט. פון דעם קומט ז י נ ג ע ו ו ד י ג ק י י ט און באָראָכאָוו וויל איינריידען, אַז „דער נאַטירליכער טראָפּ גיט צו דער גאַנצער רייד א זינגעוודיגען כאַראַקטער. דער אָבגעהאַקטער, פערקעהרט — א רעטשיטאַטיווען כאַראַקטער" ז. 76). נון וועט מען שוין איצט וויסען, אַז דייטש (נאַטירליכער טראָפּ) איז ז י נ ג ע ו ו ד י ג, און איטאַליעניש (אָבגעהאַקט־פּאַנעטיש) איז ר ע ט ש י ט א ט י ו ו!

2) דער ז אַ ץ אַקצענט וואָס באַטאָנט

*) אידישע פאָלקס־ליעדער, I, 1911, ז. 57 און 7.

צוויי ווערטער אין זאַץ איינציג שטאַרק, ווען זיי זיינען ביידע גלייך וויכטיג פאַר דעם צוהערער; בעטאָנט אָבער ניט גלייך, אויב די ווערטער זיינען ניט פון אַלץ איינער וויכטיגקייט. אַזוי, למשל, איך האָב געשפּיעלט און איך האָט געטאַנצט, וואו געשפּיעלט און געטאַנצט זיינען שטאַרקער בעטאָנט איידער האָב; נור אין: איך האָב געשפּיעלט און איך וועל שפּיעלען, ווערען האָב און וועל שטאַרקער בעטאָנט איידער געשפּיעלט, שפּיעלען.

3) דער וואָרט אַקצענט, וואָס בעטאָנט איין טראַף שטאַרקער ווי די אַנדערע, ווענען וואָס מיר האָבען שוין פריהער גערעדט.

איצט קאָן דער לעזער פערשטעהן, אַז ניט די אידישע „זינגעוודיגקייט" און ניט דער „גע־דאַנקען־צייל'ען" קומען פון דעם נאַטירליכען וואָרט אַקצענט, און אַז א פראַנצויז אָדער איטאַליענער ציילט ניט די ווערטער. באמת איז אין איטאַליעניש דער אַקצענט גאָר ניט אַלע מאָל אויפן פאַרלעצטען טראַף: uóm, Gesù, virtù; אויפ'ן לעצטען; — buón, cércano, famíglia; אויפן דריטען פון סוף; — Desdémona, méritano, dátemilo — אויפ'ן פערטען פון סוף. און פערקעהרט אין דייטש, קומט דער אַקצענט צום מייסטענס אויפ'ן ערשטען טראַף, ווי אין די פאַנעטיש־אַבגעהאַקטע, אונגאַריש און טשעכיש. זאָגט Behaghel (געשיכטע דער דייטשער שפּראַכע, 1911, § III) קלאָר און פשוט: „.... אַזוי אַז פאַר דעם אויסערליכען געזעץ פון דער דייטשער באַטאָנונג קען מען אוועקשטעלען דעם זאַץ, אַז די ערשטע זילבע האָט אויף זיך דעם טאָן".

מיט באַראַכאָוו'ס אָרטאָגראַפיע (זיין אויסלייגען זונדערט זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע אַרטיקלען אין פנקס) בין איך כעמט אין גאַנצען איינשטימיג, כאָטש ער קאָמפּראָמיסלעוועט אין א פּאָאר פּונקטען. פון איהם אויף אַלע אידישע מחברים געזאָגט געוואָרען!

ביבליאָגראַפיע

משה כ"ץ

„שריפטען"

דריטעס זאַמעלבוך, פערלאַג „אמעריקא".

דאָס דריטע זאַמעלבוך „שריפטען", וואָס די „יונגע" האָבען ערשט אַרויסגעגעבען, פערדיענט אין א סך פרטים מעהר אינטערעס, ווי די ערשטע עטליכע זאַמלונגען.

אין די ערשטע זאַמלונגען האָבען די מחברים געקאָנט פּרעטענדירען אויפ'ן נאָמען „יונגע" הויפּטזעכליך דערפאַר אפשר, ווייל זיי זיינען טאַקע באמת ניט זעהר אַלט. קיין נייע ריכטונג אָבער, עטוואָס אַזוינס, אויף וואָס זיי זאָלען קאָנען זאָגען, אַז דאָס איז זייערס, ערשט מיט זיי געקומען אין אונזער ליטעראַטור, האָבען זיי דאָרט ניט אַרויסגעוויזען. זיי האָבען בלויז געוויסענהאַפט קאָפּירט די אַלטע און דער גאַנצער אונטערשיעד צווישען זיי און די „אַלטע" איז געווען, וואָס ביי זיי זיינען די בעצם אַלטע מאָטיוון אַרויסגעקומען מיט אַ גרילץ, ווי עס פּאַסט פאַר יונגע, ניט־ערפאַהרענע זינגער . . .

מען קאָן ניט זאָגען, אַז אין דעם נייעם דריטען זאַמעלבוך איז אויך אַלץ פאַלקאָם אָריגינעל. ווען איהר לייענט איבער דוד איגנאַטאָוו'ס גרעסערע ערצעהלונג „פּיבי", דערמאָהנט איהר זיך ניט ווילענדיג אָן קנוט האַמסונס טאָן און מאַניער, בעזונדערס אָן זיין ערצעהלונג „הערבסט אין וואַלד". די צווייטע בעדייטענדע אַרבייט אין זאַמעלבוך, א. ראַבאַי'ס „הערר גאָלדענבאַרג" דערמאָנט אייך אויך אין פיעל פּלעצער אָן ל. שאַפּיראָ'ס לאַפּידאַרישען סטיל. ס'רוב פון די ליעדער, וואָס זיין אַריין אין זאַמעלבוך, קלינגען אָפּט ווי נאָכאַהמונגען פון די דייטשע מאָדערנע פּאָעטען אָדער פון דעם אַמעריקאַנישען וויטמאַן־פּעריאָד. אָפּטמאָל פיהלען זיך אין די ליעדער און ערצעהלונגען די הילצערנע שטאַלצעס, אויף וועלכע יונגע שרייבער שטעלען זיך אומיסטען, כדי מען זאָל זיי בעסער אַרויסזעהן.

אָבער דאָס אַלץ איז סוף כל סוף ניט אַזוי וויכטיג אין פערגלייך מיט דעם אַלגעמיינעם טאָן פון דעם זאַמעלבוך, פון וועלכען עס וועהט ווירקליך אַ פרישקייט פון יוגענד.

די בעסטע ערצעהלונג אין זאַמעלבוך איז אָהן ספק א. ראַבאַי'ס „הערר גאָלדענבאַרג", וואָס פערנעהמט אַ העלפט פון בוך.

ווער איז ער דער ה' ראַבאַי? ער איז נאָך גאַנץ וועניג בעקאַנט. ער איז אַן אַנפאַנגער אָדער יעדענפאַלס אַן אונבעקאַנטער אין אונזער ליטעראַטור. אָבער דער אָנפאַנג זאָגט זעהר פיעל צו. עלטערע שרייבער, מיט אַ פעסטגעשטעלטער רעפּוטאַציע, וואָלטען זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען מיט דער ערצעהלונג. אין אנקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער ריכטונג פון זאַמעלבוך, וואָס בעשטעהט אין בעוואוסטזיניגען בעפרייען זיך פון אַלע אַלטהיימישע טעמען און קלאַנגען און אין מאָלען דאָס לעבען און די איבערלעבונגען פון דעם נייעם אידען אין אַמעריקאַ, האָט ה' ראַבאַי אויסגעקליבען פאַר

זיך אַ ביסעל אַן אונגעוועהנליכע טעמאַ פון לעבען פון דעם אידישען פאַרמער אין דער וויטער וועסט.

הערר גאָלדענבאַרג איז אַ איד, ביי וועלכען די פרייע אַמעריקא מיט איהרע איבערגעפּאַקטע שטעדט האָט אַרויסגערופען אַ בענקען נאָך דעם נאַטור־לעבען אויף דער ערד. אין דער וויטער וועסט בויט ער זיך אַ פאַרם, טראָגט אַריין אין זיין אַרבייט די גאַנצע ראָמאַנטישע ליעבע פון אַ שטאָדט־מענש צו ערד און די גאַנצע אונטערנעהמונגס־פעהיגקייט פון אַ מענשען, וועלכען קיין טראַדיציעס און פאָראורטהיילען קאָנען פון גאָר נישט אָבהאַלטען, און ענטוויקעלט אַ ווירטשאַפט, וואָס דיענט אַלס מוסטער און רופט אַרויס גלייכצייטיג אַכטונג און קנאה ביי די ארומיגע קריסטליכע שכנים.

אַלס קאָנטראַסט צו איהם ווערט געשטעלט זיין אידישער פערד־יונג אייזיק, אַ ראָמאַנטישע נאַטור, פאַר וועלכען ערד־אַרבייט בעדייט ניט נור ביזנעס אָדער אַ געזונט לעבען, נאָר הויפּטזעכליך די אויפלעבונג פון אידישען פאָלק. ער זעהט ניט איין ווי צואוואָרפענע פאַרמס אין אַמעריקא וועלען קאָנען לעזען די אידען־פראַגע, ער פיהלט, אַז די גאַנצע מיה און ליעבע ווערט אָבגעגעבען צו אַ פרעמדער ערד, בשעת ער וויל בויען אַ היים, אַ שטענדיגע און זיכערע היים.

און ווי אַ סימבאָל זעהט אויס דאָס, וואָס הערר גאָלדענבאַרג האָט ניט קיין קינדער. און זיין גרויסע פאַרם וועט מיט דער צייט מוזען איבערגעהן צו פרעמדע, בעת אייזיק דער פערד־יונג נעהמט צו פון איהם זיין פּלימעניצע, דבורה, און פאָהרט מיט איהר חתונה האָבען קיין פּאַלעסטינא . . .

די אידישע ערד־אַרבייט און דעם אידענס פיהלען אויף דעם שוים פון דער נאַטור איז אין ה' ראַבאָי'ס ערצעהלונג אַוועקגעשטעלט געוואָרען שטאַרק און שעהן און וועט זיכער אַרויסרופען אַן אינטערעס ביי יעדען לעזער.

דערפאַר אָבער וועט דער לעזער נשתומם ווערען, ווען ער וועט זיך געבען די מיה איבערצולעזען ה' ראבאָי'ס צוויי קליינע ערצעהלונגען אין דעמזעלבען זאַמעלבוך, בעזונדערס די ערשטע, וואָס האָט ווי די צווייטע קיין נאָמען ניט. דאָס איז בלומרשט אַזוי ווי אַ פאַנטאַזיע וועגען אַ אידען אַ מלמד, וואָס טרוימט, אַז אין ניו יאָרק וועט געבויט ווערען אַ . . . בית־המקדש. אָנגעשריבען איז די מעשה אין טאָן פון אַזאַ ווילדער מליצה און מיט אַזעלכע אונוואַהרשיינליכע פאַרבען, אַז ס'גלויבט זיך פּשוט ניט, אַז ס'איז געשריבען פון דעמזעלבען ראַבאָי, וואָס האָט אָנגעשריבען אַזאַ שטאַרקע פאַרבענרייכע ערצעהלונג, ווי „הערר גאָלדענבאַרג“.

דוד איגנאַטאָוו'ס גרויסע ערצעהלונג „פיבי“ איז אַן אנגענעהמע איבערראַשונג פאַר די, וואָס זיינען שוין געווען גרייט איינגאַנצען אַ מאַך צו טהון מיט'ן האַנט אויף איגנאטאוו'ס פעהיגקייט אָנצושרייבען אַ זאַך, וואָס ס'זאָל זיך לוינען איבערצולעזען.

איך ווייס ניט צי דאָס פעהלען פון אַ שטריינגען רעדאַקטאָר איז אין דעם שולדיג, צי אפשר די איינבילדונג פון א „יונגען“, אָבער איגנאַטאָוו האָט זיך כמעט פון אָנהויב אָן פון זיין שרייבערישער קאַריערע איינגערעדט, אַז ער איז בערופען איינצופיהרען אין דער אידישער ליטעראַטור עפּיס אַ מין אימיטאַציע פון א דעקאַדענטישען סימבאָליזם, און ער האָט אַ לאַנגע צייט דעריבער געקנאַקט מיט אנגעבלאָזענער אינהאַלטסלאָזער — און לאָמיר אָפענהערציג זאָגען, — אַ היבש ביסעל נודנער מליצה, וואו מען האָט בשום אופן ניט געקאָנט ענטדעקען ניט קיין טעמע, ניט קיין אינהאַלט.

דעם אמת געזאָגט איז די טעמע פון זיין נייער ערצעהלונג „פיבי“ אויך ניט גאָר פערשטענדליך פאַר'ן געוועהנליכען שכל. הערט אַ מעשה:

עס איז דאָ אַ יונגערמאַן, אַזוי דאכט זיך אַ גאַנץ נאָרמאַלער, וואָס האָט ליידענשאַפטען: ער האָט ליעב צו טראָגען זיך ווי אַ וויהער אויף אַ וועלאָסיפּעד (און האָט ליעב אויך... שלאַנגען) און האָט פיינט בתכלית שנאה גויים און געמישטע אידיש־קריסטליכע זווגים. בעגעגענט ער ביי אַ בעקאַנטען אַ זעהר אָריגינעלע מיידעל פיבי, וואָס זעהט אויס ווי אַ אידישע און הענגט זיך איהם אויפ'ן האַלז. אַנטלויפט ער פון איהר אויף אַ פאַרם פון אַ גוי אָ'נעלסאָן, ערגיץ אין ניו־העמפּשיר. שטעלט זיך אַרויס, אַז דער גוי האָט אַ אידישע פרוי און נאָך מעהר, ווען זייער טאָכטער קומט אַהיים צו גאַסט דערקענט אין איהר דער בייזער יונגערמאַן פיבי'ן. נאַטירליך הענגט זי זיך איהם ווידער אויפ'ן האַלז און אַזוי ווי ער דערפיהלט, אַז ער האָט זי ליעב, שטויסט ער זי אָפּ פון זיך און זי... שפּרינגט אַראָב פון אַ באַרג און ווערט גע'הרג'עט. אַז דער בייזער יונגערמאַן בענקט דערנאָך נאָך איהר איז זעלבסטפערשטענדליך. אָבער פאַר וואָס דער מחבר האָט געדאַרפט הרג'ענען דאָס אונשולדיגע מיידעל און האָט זי בעסער ניט מזוג געווען פאַ'ן בייזען „קריסטען־פיינד“ איז אסור אויב ס'איז מעגליך צו פערשטעהן. לאָמיר איבערלאָזען די טראַגעדיע אויפ'ן געוויסען פון דעם מחבר און איהם פּרובען מוחל זיין, ווייל ער האָט אונז דערפאַר געגעבען שעהנע שילדערונגען פון דעם לעבען אויף דער פאַרם, פון די געמיינזאַמע בעציהונגען צווישען דעם אידישען און די קריסטליכע אַרבייטער און ווייל איגנאטאָוו האָט בעוויזען אין „פיבי“, אַז ער קאָן אויך אַמאָל גוט דערצעהלען אַ געשיכטע. מען זעהט, אמת, אַז ער מאַכט נאָך קנוט האמסונ'ס אַרט דערצעהלען, אָבער ער מאַכט איהם נאָך גוט.

אַ פאָרוואורף וואָלט מען איהם נאָר געקאָנט מאַכען פאַר דעם, וואָס ער קוקט זיך ניט צו ווי געהעריג צו זיין שפּראַך. אויסער די פיעל אַמעריקאַניזמען וואָס ער האָט אין איהר אַריינגעבראַכט (למשל: „ווער האָט דאָס געטהון? — וויליאַמס האָט . . .) טשעפּעט ער זיך אַמאָל איין אין אַ וואָרט און קאָן זיך פון דעם ניט בעפרייען. נעהמט, למשל, אזא אויסדרוק:

„איך האָב זיך גענומען דערמאָהנען... פער־

שיעדענע נאַרישע געדאַנקען האָבען מיר גענומען קריכען אין קאָפּ, מיין אונרוהיגקייט האָט גענומען וואַקסען, האָט מיך גענומען הויבען העכער פון מיר, האָט מיך גענומען טראָגען אין דער לופטען" . . . (ז. 66).

דעמזעלבען קונץ מיט „גענומען" מאַכט ער אויך אין עטליכע אַנדערע פּלעצער.

די ליעדער־אבטיילונג איז גאַנץ רייך פּערטראַטען אין דעם זאמעלבוך. די גרעסטע טייל ליעדער זיינען איבערזעצטע און דער אויסוואהל פון די פּאָעטען (ווי האָמער, סאַפּאָ, אנאקרעאָן, האָראַץ, קאַטולוס, ניטשע, דעהמעל, האפמאנסטהאל, פּעטער הילע, פּעט, סאלאגוב און פיעלע אַנדערע) ווייזט אויף די בעלעזענקייט פון די איבערזעצער, כאָטש מען קאָן ניט זאָגען, אַז דער אויסוואהל פון טעמען און די איבערזעצונגען גופא זיינען געמאַכט געוואָרען מיט געשמאַק. ספּעציעל ווילט זיך דאָס זאָגען וועגען הערבערטס איבערזעצונג פון האָמער'ס איינציגע קאַפּיטלען „איליאדע". אַן איבערזעצונג פון דעם בעריהמטען קלאסישען ווערק וואָלט געווען אן אמת'ע מתנה פאר אונזער ליטעראטור, ווען זי וואָלט ניט געמאַכט געוואָרען אין אזא האַרטער גאָר ניט פּאָעטישער, און אָפט אונפערשטענדליכער שפּראַך. עס קאָן זיין, אַז דער איבערזעצער האָט דאָס געטהון שטרעבענדיג צו זיין אבסאָלוט גענוי, אָבער אויף וויפיעל די איבערזעצונג איז ווירקליך אַ ווערטליך־גענויע קאָן איך ניט זאָגען, ווייל איך האָב ניט געהאַט דעם אָריגינאַל אונטער'ן האַנט.

פון די אָריגינעלע ליעדער האָט א בעזונדערן ווערטה מאַני ליב'ס „אינגעל־צינגעל־חוואַט". דאָס איז אַ קינדער באַלאַדע, וואָס וועט זיכער געפינען אַ צוטריט צו די אידישע קינדער. שעהן און פול מיט שטימונג זיין מ. האלפּערינ'ס צוויי ליעדער, בעזונדערס די ערשטע וואו דער וועה פון דעם אַלטען אָבשטארבענדיגען דור איז בולט פאָרגעשטעלט אין בילד פון אַ קינד, וואָס רייסט זאָרגלאָז דעם זיידענס הייליגע ספרים. אַן עכט ניו יאָרקער שטריך פון אַרבייטער־לעבען פיהלט זיך אין אָנפאנג פון אייזלאַנדס פּאָעמע „פון אַלע טעג".

דערפאר אָבער זיינען די פּאָעמען פון אַנדערע יונגע פּאָעטען און בעזאָנדערס פון זישא לאנדוי שוין גאָר און גאָר ניט געראָטען, צו די פינף ליעדער וואָס ער האָט געגעבען אין זאמעלבוך פּאַסט זיך אויסגעצייכענט די מאָטאָ פון משה וואַרשע וואָס לאַנדוי האָט אַליין אויף זיי געשטעלט :

„ווערטער, ווערטער ווערטער, דעקלאַמאַציע".

צו אונטערפיהרען דעם חשבון מוז מען נאָך דערמאָהנען וועגען וו. נאַטאַנסאָנ'ס גרויסען אָנגעבלאָזענעם אין טיעף־„וויסענשאַפטליכען" מאמר וועגען „קולטור און ענטוויקלונג", וועלכען די „יונגע" האָבען ווי עס ווייזט אויס אַריינגעשטעלט אין זאַמעלבוך אויס בלויזער אַכטונג צו „וויסענשאַפט". אויב וויסענשאַפט בעשטעהט אין מרחיק מין השכל זיין געוועהנליכע מענשליכע בעגריפען און ווייזען בקיאות דורך ציטאַטען פון צעהנדליגער שרייבער, וואָס האָבען אייגענטליך אַ קליינע שייכות צום ענין, האָט ה' נאַטאַנסאָן אויסגעצייכענט ערפילט זיין אויפגאבע. איך בין אָבער שטאַרק חושד, אַז ה' נאַטאַנסאָן האָט זיך דאָ פּשוט מתקנא געווען אָן ה' בן־נתן, וועלכער האָט אין משך פון דעם גאַנצען פאָריגען יאָהר אויף דעמזעלבען אופן געפּרובט זיך מרחיק מין השכל זיין בערגסאָנ'ס קלארע פילאָזאָפיע אויף די בלעטער פון „דאָס נייע לעבען".

דערמאָהנען מיר נאָך ה' ז. מאָוד'ס געלונגענע און שטימונגספולע צייכנונגען, וואָס בעציערען דעם בוך, זיינען מיר צו ענד מיט אונזער רעצענזיע.

ב. ריווקין

די נייע היים, ערשטעס זאַמעלבוך, אַרויסגעגעבען פון ליטעראַרישען פערלאַג, נ. י., 1914

די זאַמעלביכער פון די „יונגע" מעהרען זיך — דורך שפּאַלטונגען. די נאַטור איז ניט געגען אַזאַ מעהרען זיך. עס האָבען זיך אָבגעשפּאָלטען די ניכטערע פון די „שכר'ע". די „שכר'ע", די פאַנטאַסטען, זיינען פערבליבען מיט די „שריפטען", די ניכטערע זיינען אַריבער אין דער „נייער היים". דאָרט — איגנאַטאָוו, ראבאי, מאני ליוב ; דאָ — אָפּאַטאָשו, חאַאימאָוויטש, ראָלניק.

מיר פאַנגען אָן מיט די פּראָזאַאיקער. אָפּאַטאָשו אין זיין ערצעהלונג „אין ניו־יאָרקער גהעטא" חאַימאָוויטש אין זיין „אויפ'ן וועג" ווילען גילטען פאַר בלויז בעאָבאַכטער. אָבער עס איז תיכף צו זעהן, אַז די שרייבער אַליין זיינען אינעווייניג אין די פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר. זיי זיינען ניט קיין גלייכגילטיגע צושויער. זיי האָבען ליעבלינגס־געשטאַלטען. זיי האָבען זיך אין זיי בעזעצט און דורך זיי זעהען זיי און שאַצען זיי די איבריגע פּערזאָנען. זיי האָבען זיך מיט זיי בעקענט נאָך אין רוסלאנד. מיר דערקענען גלייך די הויפּט־העלדען פון אָפּאַטאָשו'ס „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" : דער גוטמוטיגער גבור און די קאַפּריזנע, ציטריגע ברוגזע, ווילדע און צערטליכע מיידעל. ביי חאַימאָוויטש איז דאָס דער האַלב־אינטעליגענט. אין אַמעריקא האָבען די שרייבער ווידער אויפגעזוכט זייערע העלדען און האָבען זיי אַמעריקאַניזירט, ווירקליך אַמעריקאַניזירט.

אָפּאַטאָשו'ס ערצעהלונג איז פון לעבען פון די ניוס־דילערס. די מעשה איז א דאָפּעלטע : דער גראָב־באַרעכענטער ראָמאַן פון אַן „אַמעריקאַניזירטער" אידישער אלמנה, דער באַלעבאָסטע פון א צייטונגס־קרעמעל, מיט א שענקער, און דער חוצפּה'דיגער ראָמאַן פון איהר אַמעריקאַניזירטער טאָכטער פאלי מיט דריי יונגען — 2 אידען און אן איטאַליענער.

דער סוזשעט איז געפּלאָנטערט. קאַפּיטלען לוי־

פען אַוועק אָן א זייט. אָבער מען איז אומגערעכט צו יונגע שרייבער, ווען מען רעכענט־צו די חסרונות. פון סוזשעט צו די חסרונות פון זייער טאַלענט. סוזשעט איז טעכניק. איבער׳ן סוזשעט שטעהען די געשטאַלטען. דער הויפּט־סמן פון טאַלענט איז, אויב די געשטאַלטען, וואָס דער שרייבער מאָלט, זיינען אַזוי בולט, אַז זיי לאָזען פאַלען נאָך זיך א שאָטען, ממש ווי לעבעדיגע מענשען; און דאָס לאָזט זיך מיט בעשטימטהייט זאָגען וועגען אפּאַטאָשו׳ס העלדען. ווען איהר ענדיגט די ערצעהלונג, שפּירט איהר נאָך לאַנג דעם נאָך־טעם פון פּאַלי׳ן — איהר גראַציעזע אויסגעלאַסענקייט, איהר שפּיעלעוודיגע חוצפּה.

אָפּאַטאָשו דערצעהלט אין איילעניש, מיט א פולע מויל. אַלץ, וואָס ער דערצעהלט, פּערכאַפּט, אינטריגירט. איהר הערט איהם אויס מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. יעדער מאָמענט, וואָס ער בעשרייבט, געווינט אונטער זיין פּעדער א זעלבסטשטענדיגען אינטערעס. די מעלה האָט אויך איהר לינקע זייט. יעדע איינצעלהייט לעבט, לעבט אָבער בעזונדער. ווען ער גיט איבער איין איינצעלהייט, פערגעסט ער זיך און מאַכט אייך פערגעסען וועגען אַלע איבריגע איינצעלהייטען. ער צייכענט א ליניע, אָבער ער מאַכט ניט פול דעם רוים. דאָס איז דער הויפּט־חסרון פון זיין טעכניק. דערפון נעהמען זיך זיינע פּלוצלינגע איבערגענגע. אָפּאַטאָשו קאָן זיך בעשטימט דערהויבען איבער דיזען חסרון, דאָס איז צו זעהן פון דער בעשרייבונג פון דער חתונה ביי זאַנווילס שוועסטער, דעם הויפּט־העלד פון „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב“. דער לעזער פיהלט זיך צוזאַמען מיט אַלע געסט אויף דער חתונה.

אפּאַטאָשו׳ס קראַפט איז אין בלישצענדער געשטאַלטען־מאלעריי. זיינע פּנימ׳ער שיינען, און אין זייער שיין זעהען זיך גאָר ניט אָן די טונקעלע זייטען פון זיין טעכניק.

אויך חאַימאָוויטש בעוועלטיגט ניט די טעכניק. זיין העלד קומט צוריק פון דער וועסט קיין ניו יאָרק, וואָס ער האָט פערלאָזען, ווען זיין פרוי איז פון איהם אַוועק. ער זעהט זיך מיט זיין שוועסטער, מיט זיין שוואָגער, מיט זיין פריינד. ער דעמאָהנט זיך זאַכען. רעדט קלוגע קאַפּע־געשפּרעכען מיט פּרעטענזיעס. דאָס פערנעהמט צוויי טהיילען. די ערצעהלונג שלעפּט זיך אַזוי מארודנע, ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען ניט אין רעש׳דיגען ניו יאָרק, נור ערגעץ אין א פערוואָרפענעם דערפעל. ערשט צום סוף פון 2טען טייל לאָזט דער שרייבער זיין העלד בעגעהן א נאַרישקייט, וועלכע טויט זיין פריינד׳ס פרוי, און אין דריטען טייל פיהרט ער איהם ענדליך צונויף מיט זיין פרוי.

און דאָ דאַרף זיך דער לעזער פיהלען ווירקליך בעלוינט פאַר זיין מיה. — דעם שרייבער איז געלונגען אַוועקצושטעלען זיין העלד אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ. דער העלד בעקומט א מאָס אין ריידען, טראַכטען, האַנדלען. ער ווערט צוגעקלעפּט צום לעבען. די ערצעהלונג געווינט אין וויכטיגקייט: מיר זעהען אונזער אַן אַלטען בעקאַנטען, דעם רוסיש־אידישען אינטעליגענט אין דער נייער אַמעריקאַנער אידישער סביבה, און זיי זיינען ניט צוויי בעזונדערע זאַכען, נור איינס.

מיר וועלען מוזען אָבקומען מיט קורצע בעמערקונגען וועגען די פּאָעטען, וואָס זיינען פערטראָטען אין זאַמעלבוך.

י. י. שוואַרץ איז דער אָפיציעלער איינפיהרער אין זאַמעלבוך מיט זיין סעריע ליעדער „די נייע היים“. י. שוואַרץ איז אַן אויסגעצייכענטער פּאָעט־איבערזעצער, איז א מייסטער צו געפינען די פּאַסענדסטע ווערטער איבערצוגעבען א פרעמדען פּאָעטישען געדאַנק. אויך זיינע אייגענע טעמעס בעהאַנדעלט ער פונקט אַזוי. צווישען די ליעדער זיינען פאַראַן אייניגע גוטע פּאָעטישע איבערזעצונגען... פון די טעמעס, וואָס ער האָט זיך אויפגעגעבען.

י. ראָלניק׳ס הויפּט כאַראַקטעריסטיק, אלס פּאָעט, איז וואָס ער איז זעהר עקאָנאָמיש. ער זוכט צו דערגרייכען א פּאָעטישען עפעקט דורך וואָס ווייניגער מיטלען. דאָס מאַכט, אז בלויז א פיינער געהער פערנעהמט דעם בלאַס־צאַרטען קלאַנג פון זיין פּאָעטישען ליעד. אָבער דערזעלבער פּאָעטישעקאָנאָמישער חוש זיינער לאָזט זיך נאָך אויף אַן אַנדער אופן דערקענען אין זיינע ליעדער — ער טראָגט אריין אין זיי אַן עדעלע איינגעהאַלטענקייט. די ווערטער וועגען ניט אַריבער די אידעע. עס פיהלט זיך קיינמאָל ניט אין זיי קיין פאַלשע וואָג און מאָס. דאָס ליעד זוכט גאַנץ צו ווערען, ווען עס פערענדיגט זיך, בעקומט זיך אַ פעררונדעטע האַרמאָניע, און דאָס איז דאָך פּאָעזיע. אין זאַמעלבוך איז ער פערטראָטען מיט צוויי סעריעס. די צווייטע „האפיז“ ברייננגט בעזונדערס ארויס די אייגענאַרטיגע מעלות פון ראָלניק׳ס ליעדער. זיי מוזען געפעלען.

פראדיל שטאק׳ס סאָנעטען איבערראַשען מיט זייער פרישקייט. דאָס זיינען מענערשע רויב־ליעדער פון א צאַרט־מיידעלשע האַרץ. דער קלאַנג איז א האַרטער, א שטאָהלענער און ער לאָזט זיך הערען ביז ער קלינגט זיך אין גאַנצען אויס.

י. סלאָנים שליעסט דאָס זאַמעלבוך מיט א סעריע „ניו יאָרק“. ער איז א קינד פון שטאָדט ניו יאָרק. עס האָט איהם שוין ניט איינמאָל געצויגען צו בעזינגען די ריעזען שטאָדט, און ער האָט אויך די נויטיגע טענער איבערצוגעבען דעם בראזג פון די אייזענס, דעם ווילדען רעדער־געררויש, דעם הו־האַ פון מענשען־געיעג . . . אָבער ער האָט פויגעל בעזונגען—וואו האָט ער פויגעל געזעהן אין ניו־יאָרק? דוכט זיך, אין איהם קעמפּפט דאָס קינד פון נויאָרק מיט דעם פּאָעט. זאָלען זיי ביידע שלום מאַכען, און זאָל סלאָנים ווערען דער פּאָעט פון דער שטאָדט ניו יאָרק.

וואָס איז דער סך־הכל פון זאַמעלבוך? — עס זיינען פאַרהאַן טאַלענטע צווישען די „יונגע“, וועלכע פאָדערן ניט, מען זאָל זיי שענקען צוטרויען אין קרעדיט — זיי צאָהלען באַר.



Vol. XIX OCTOBER, 1914 No. 10

א. ליעסין

ענגלאַנד, רוסלאַנד און דער וועלט-קריעג

עס איז שוין לאַנג בעוויזען געוואָרען, אַז די פּיעלע און בלוטיגע מלחמות, וואָס ענגלאַנד האָט געפיהרט פאַר די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר, זיינען אַלע געווען „טרייד־מלחמות“. הינטער דעם אַדמיראַל און דעם גענעראַל איז אימער געשטאַנען דער הענדלער און דער קרעמער. און ווען איידעל־געזאָגענע מענשען האָבען געגען דעם פּראָטעסטירט, האָט זיי אַן אַמאָליגער ענגלישער שטאַאַטסמאַן געענטפערט:

„אויב מיר זאָלען פּרופען זיין גערעכט כאָטש איין טאָג, וועט ענגלאַנד אויפהערען צו עקזיסטירען.“

און וואָס מיר זאָלען ניט דיינקען וועגען דעם אַמאָליגען ענגלישען שטאַאַטסמאַן, וואָס האָט מורא געהאַט צו זיין גערעכט כאָטש איין טאָג — קיין צבועק, ווי דער איצטיגער ענגלישער שטאַאַטסמאַן, איז ער ניט געווען. אַזאַ אָפּענהערציגער דזשענטעלמען וואָלט שוין ניט געזוכט צו גלאָצען מיט די אויגען און איינצורשמועס'ן די וועלט, אַז ענגלאַנד איז פעהיג אויפצונעהמען די שרעקליכסטע פון אַלע שרעקליכע מלחמות נור צוליעב ריין־מאָראַלישע מאָטיווען — נור צוליעב דעם ווייל ענגלאַנד האָט מיט 83 יאָהר צוריק פערשפּראָכען איינצוהיטען די נייטראַליטעט פון בעלגיען.

אַזאַ סאָרט אָפּענהערציגער דזשענטעלמען איז אויך ווילהעלם. פערשטעהט זיך, אַלס סאָציאַליסטען און אַלס אידען האָבען מיר ווייניג אורזאַכען צו סימפּאַטיזירען מיט'ן געפּאַנצערטען פויסט פון דעם קייזער פון די יונקערס. מען מוז אָבער צוגעבען, אַז קיין צבועק איז ער ניט. און ווען ער האָט בעהויפּטעט, אַז ער וואָלט קיין מאָל געגען ניקאָלאַיען קיין וואַפען ניט אויפגעהויבען, אַז ער האָט זאָגאַר אַ צוואה פון זיין זיידען צו שיצען דעם טראָהן פון די ראָמאַנאָוו'ס, קען מען איהם גלויבען. וואָלט ווילהעלם געוואָלט שלאָגען ניקאָלאַיען, וואָלט ער עס געטהאָן מיט איניגע יאָהר צוריק, נאָך דעם רוסיש־יאַפּאַנישען קריעג, ווען די רוסישע אַרמיי איז געווען צוקלאַפּט, צובונטעוועט, דעמאָראַליזירט. ווילהעלם האָט אָבער גוט געוואוסט, אַז ווען ער שטעלט אין ריזיקע ניקאָלאַי'ס טהראָן, שטעלט ער זיכער אין ריזיקע אויך זיין אייגענעם טהראָן.

דאָסזעלבע איז אויך ריכטיג אין שייכות צו ענגלאַנד. ווילהעלם האָט די מלחמה מיט ענגלאַנד ניט געזוכט און אויך גאָר ניט ערוואַרטעט. ביז דער לעצטער מינוט האָט מען אין בערלין געגלויבט, אַז ענגלאַנד וועט בלייבען נייטראַל. ענגלאַנד'ס קריעגס־ערקלערונג, וואָס האָט גלייך אָפּגעשטעלט דייטשלאַנד'ס ריעזיגען וועלט־האַנדעל, איז געווען פאַר בערלין די שמערצליכסטע איבעראַשונג, דער ערגסטער קלאַפּ. ווען ווילהעלם וואָלט עס פאָראויס געוואוסט, וואָלט ער זיך גאָר אַזוי ניט איינגעשטעלט פאַר'ן עסטרייכישען אולטימאַטום. אָט מיט איניגע יאָהר צוריק, אין צייט פון דעם אַגאַדיר־סכסוך, האָט ענגלאַנד אַ סטראַשע געטהאָן, דאַן האָט ווילהעלם גלייך דעם טאָן אַרונטערגעלאָזען. איצט אָבער האָט ענגלאַנד ניט געסטראַשעט. אין געגענטהייל, די ענגליש־דייטשע בעציהונגען זיינען גראַדע די לעצטע צייט געוואָרען אַלץ בעסער, אַלץ פריינדליכער. און ווילהעלם האָט זיך ערלויבט צו קלינגען מיט'ן שווערד און צו שרעקען מיט אולטימאַטומס אַזוי ברייט און אַזוי ווייט, דאָס ער האָט שוין צוריק ניט געקענט געהן.

ענגלאַנד האָט זיך פון אַ פערבאָרגעניש, בעהאַלטענדיג די נעגעל אין סאַמעט, מיט איהר קריעגס־ערקלערונג אונטערגע'גנב'עט. אין ערשטען ווען דער אָפּפער האָט זיך שוין ניט געקענט אַרויסדרעהען, האָט עס זיך מיט רציחה־אימפּעט אויף איהם אַ וואָרף געטהאָן. דאָס איז געווען דער קאַטץ און מויז שפּיעל פון מר. גריי, דעם ענגלישען מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען, וואָס האַלט איצט אין איין רעדען אַזוי נאָבעל, אַזוי פרום, אַזוי הייליג.

ענגלאַנד האָט אויפגענומען דעם קאַמפּף געגען אימפּעריאַליזם און מיליטאַריזם — ער־

קלערט מר. גריי — און ענגלאַנד וועט דעם שווערד אין שייד ניט אַריינלעגען, כל זמן דער שונא וועט ניט ליעגען אַ צערשמעטערטער, אַז ער זאָל אַ לאַנגע־לאַנגע צייט קיין תקומה ניט האָבען!

ענגלאַנד, וואָס בעהערשט אַ העלפט פון דער וועלט און זוכט אַלץ צו בעהערשען די צווייטע העלפט, קעמפפט עס געגען אימפעריאַליזם! ענגלאַנד, וואָס פיהרט אין אַלע צייטען און אין אַלע טהיילען וועלט נאָכאַנאַנד מלחמות און לעבט נור אויפ׳ן הארמאַט און געדייהעט נור אויפ׳ן דרעדנאוט, קעמפפט עס געגען מיליטאַריזם! דער ענגלישער קרעמער האָט אָבער די ערקלערונג הערצליך אַפּלאָדירט. ער האָט ריכטיג פערשטאַנען וואָס מען מיינט דאָ, פאַר וואָס מען האָט דייטשלאַנד געמוזט אַריינשלעפּען אין אַ מלחמה געגען דער גאַנצער וועלט און פאַר וואָס די מלחמה מוז אָנגעהן ביז׳ן ביטערסטען סוף.

דאָס איז די העכסט ערפאָלגרייכע, העכסט געפעהרליכע דייטשע קאָנקורענץ, וואָס מוז ליעגען אַ צערשמעטערטע, אַז זי זאָל אַ לאַנגע־לאַנגע צייט קיין תקומה ניט האָבען.

און עס מאַכט ניט אויס, וואָס מען מוז צאָהלען דערפאַר מיט׳ן פּרייז פון א וועלט־חורבן, מיט הונדערטער טויזענדער טויטען, מיט מיליאָנען וואונדען. די פאָאר צעהנדליג מיליאָן מענשען מוזען פּולווערן, שיסען, שטעכען און שניידען איינע די אַנדערע צום וואָהל און בעסטען פון ענגלישען קרעמער!

און דיעזער וועלט חורבן האָט זיך אָנגעפאַנגען ניט איצט און ניט בלויז אין אייראָפּאַ; ער געהט אָן שוין זייט איינינגע יאָהר און אויך אין אַנדערע וועלט־טיילען. דאָס זיינען געוועזן די הכנות. און מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלען און אַ קוק טהאָן, ווי אַזוי איז עס אַלעס צוגעגרייט געוואָרען און וואָס פאַר א פּרייז האָט די אָרימע מענשהייט בעצאָהלט שוין ביי די הכנות.

* * *

דאָס איז געוועזן מיט אַ יאָהר 7 צוריק, אויף די וואַסערן ביי רעוועל, וואוהין דער ענגלישער קעניג עדווארד איז געפאָהרען זעהן זיך און דורכרעדען מיט׳ן רוסישען צאַר. די נסיעה פון ענגלישען קעניג איז בעטראַכט געוואָרען פאַר אַ גרויסע פּאָליטישע פּאַסירונג. וואָס אָבער האָבען זיי דאָרט אָבגערעדט, דער עלעגאַנטער עדווארד און דער בלוטיגער ניקאָלאַי — דאָס האָט מען אויף ריכטיג ניט געוואוסט. פערשיעדענע צייטונגען האָבען געבראַכט וועגען דעם פערשיעדענע ידיעות. אָט די לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקעל“, עראינערן מיר זיך, האָט גאָר דערצעהלט, אַז זיי האָבען בעשפּראָכען צווישען זיך די אידען־פראַגע, אַז עדווארד איז אַרויסגעטראָטען פאַר ניקאָלאַיען אַלס גוטער אידישער שתדלן. און אַזוי ווי איצט מר. זאַנגוויל, אַזוי האָט דאַן די „דזשואיש קראָניקעל“ ערוואַרט נאָך צו זעהן פון דער זאָנדערבאַרער ענגליש־רוסישער פריינדשאַפט ישועות און נחמות אויף אידען.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און די גרויסע וועלט איז ביסלעכווייז דערגאַנגען, וואָס דער געקרוינטער פּאָגראָמשציק און דער געקרוינטער קאָמי־וואָיאַזשאָר האָבען צווישען זיך אָפּגערעדט. עס האָבען זיך גענומען ווייזען רעזולטאַטען. און פריהער פון אַלעמען און שמערצליכער פון אַלעמען האָט מען עס דערפיהלט אין פּערסיען, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט פריהער אויסגעקעמפפט פאַר זיך אַ פּאַרלאַמענט און אַ קאָנסטיטוציאָן.

די פּערסישע פּאַטריאָטען האָבען געהאַט געגען זיך ניט בלויז זייער אייגענעם דעספּאָט — דעם שאַך; זיי האָבען געהאַט געגען זיך אויך דעם רוסישען צאַר. און זיי האָבען זיך געווענדט מיט אַ טרעהרען־געבעט צום ענגלישען פּאָלק, אַז ענגלאַנד זאָל ניט פערראַטהען דעם פּערסיישען בעפרייאונגס־קאַמפּף. דאָס פרייע ענגלאַנד — האָבען זיי געשריעבען — איז אונז ליעב און טהייער, אַזוי ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז ביי אונז פערהאַסט און פעראַכטעט. און מיר גלויבען ניט, אַז דאָס פרייע ענגלאַנד זאָל אונז איבערלאָזען הפקר אין די לאַפּעס פון צאַר.

איז עדווארד׳ס וויזיט צום צאַר געווען דער ענטפּער. דאָס איז געווען פאַר׳ן שאַך אַ סיגנאַל צו דער בלוטיגסטער קאָנטר־רעוואָלוציאָן, וואָס האָט אַוועקגעטראָגען אין אַ פּאָר וואָכען צייט צעהנדליגע טויזענדער מענשליכע אָפּפער. צום אַלערערשטען איז אַריבער דעם פּערסישען גרענעץ אַ רוסישער קאָזאַצקער פערד. אין פולער קריעגס־אָרדנונג זיינען די רוסישע קאָזאַקען אַוועק זוכען איהם, און זיי האָבען פערביינגענדיג פערניכטעט אויף צעהנדליגע מיילען אַרום די דערפער פון די ווידערשפּעניגע פּערסישע שבטים. דער גלענצענדער זיעג פון די רוסישע הארמאַטען איבער די שטרויענע דעכער פון די פּערסישע דערפער האָט געבראַכט אויפמונטערונג און מוטה אין הארצען פון פּערסישען שאַך. ער האָט געזעהן, אַז ענגלאַנד מישט זיך ניט און רוסלאַנד וועט זיין מעהר ווי צופריעדען, ווען ער וועט אויפנעהמען דיזעלבע אַרבייט פון פערניכטונג אין זיין אייגענער הויפּט־שטאָדט און מאַכען אַ סוף פון דער קאָנסטיטוציאָן. האָט דער שאַך דיעזע אַרבייט גלייך אויפגענומען. אָנגעפיהרט פון רוסישע אָפיציערען, האָבען די פּערסישע קאָזאַקען בליטץ־שנעל אָנגעפאַנגען, אויפ׳ן עכט־רוסישען שטייגער, די שטראָף־עקספּעדיציאָנען געגען דער פּערסישער פרייהייט. און די ערשטע כפרה איז געגאַנגען דער פּערסישער פּאַרלאַמענט.

פון דעם באָמבאַרדירטען פּאַרלאַמענט, צווישען גאַנצע הורבעס פון געפאַלענע פרייהייטס־

קעמפּפער, זיינען מאַנכע פערסישע פּאַטריאָטען אנטרונען געוואָרען אין די ווענט פון דער ענגלישער לעגיישאָן. דאָס איז געווען די זעלבע לעגיישאָן, וואָס האָט זיי אַ לאַנגע צייט צום פרייהייטס־קאַמפּף בעגייסטערט. זיי האָבען פערלאַנגט הילף. דער שאַך האָט זיך אָבער מעהר ניט אָפּגעשטעלט אין מורא פאַר דער ענגלישער לעגיישאָן. דער דעספּאָט, וואָס איז מרוצה געווען אויף דער רוסישער אויבערהערשאַפט, אַבי נור פּטור צו ווערן פון דער קאָנסטיטוציאָן, האָט געוואוסט, אַז זיינע הענד זיינען פריי. די עדוואַרד־ניקאָלאַי בעגעגעניש האָט אַוועקגעשיקט צום עזאזל אַ פרייהייטס־בעוועגונג, וואָס האָט געקענט האָבען דעם גוואַלטיגסטען איינפלוס אויפ׳ן פּראָגרעס פון אַלע מזרח־לענדער.

וואָס האָט ענגלאַנד געהאַט פון דיעזען העקאַטאָמב, פון דיעזען מאַסען־אָפּפער?

ווען די ענגלישע סאָציאַליסטען האָבען אויפגעהויבען אַ פייערדיגע אגיטאַציאָן געגען עדוואַרד׳ס וויזיט צום צאַר, האָט דער ענגלישער מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען ערקלערט, אַז מיט דיעזען וויזיט זיינען פערבונדען די אינטערעסען פון אינטערנאַציאָנאַלען פריעדען. און די מעשים אין פערסיען האָבען שנעל בעוויזען די פולע בעדייטונג פון דיעזען געפליגעלטען ווערטעל אין דיפּלאָמאַטישען מויל פון דעם מיניסטער.

דער אינטערנאַציאָנאַלער פריעדען — דאָס איז געווען אַ בלוטענד־פערשקלאַפּטע פערסיען, דאָס איז אויך געווען אַ בלוטענד־פערשקלאַפּטע אינדיען, דאָס איז אויך געווען אַ בלוטענד־פערשקלאַפּטע מאַראָקאָ.

עס האָט געהייסען, אַז דער ענגלישער־קעניג און דער רוסישער צאַר און דער פראַנצויזישער פרעזידענט פאָהרען איינע צו די אַנדערע אין וויזיטען בלויז צו בעפעסטיגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען פריעדען. און איידער־וואָס־ווען האָבען די דריי מלאכי השלום פערשאַכערט איינע צו די אַנדערע דריי פערשיעדענע פעלקער, וואָס האָבען געקעמפּפט פאַר זייער אונאַבהענגיגקייט.

דעם צאַר האָט מען פערשאַכערט פערסיען. עס איז געווען העכסט אונאַנגענעהם פאַר׳ן צאַר צו האָבען ביי זיך אויפ׳ן גרענעץ אַ פרייע פערסיען. דאָס וואָלט אימער געשטאַנען אַלס געפעהרליכער ביישפּיעל פאַר׳ן אונטערדריקטען רוסלאַנד, בעזאָנדערס פאַר דעם דערבייאיגען אונרוהיגען קאַווקאַז. דער צאַר, אויסערדעם, האָט זיך שוין דאַן גענומען פיהלען זיכער אין דער היים, און ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו בענקען נאָך דער אַלטער פּאָליטיק פון לענדער־כאַפּעריי. האָט ענגלאַנד איהם געטהאָן די געפעליגקייט און איבערגעגעבען איהם הפקר דעם גאַנצען צפון פון פערסיען מיט דער אַלטער הויפּט־שטאָדט און מיט דעם יונגען פּאַרלאַמענט צוזאַמען.

דערפאַר האָט דער צאַר אויפגעגעבען די שטרעבונג צו פערכאַפּען אינדיען — דעם שעהנעם חלום, וואָס האָט יאָהרענלאַנג געגליהט אין די נשמות פון די ראָמאַנאָווס. און דאָס האָט פאַר ענגלאַנד געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג. דער ענגלישער מלוכה קומט אָן אַלץ שווערער איינצוהאַלטען אין יאָך די 300 מיליאָן אינדיער, צווישען וועלכע עס וואַקסט און עס ווערט מעכטיג דער נאַציאָנאַלער בעוואוסטזיין. אַזוי ווי ביי אַלע אונטערדריקטע פעלקער, איז אויך אין אינדיען די נאַציאָנאַלע בעוועגונג אייגענטליך אַ בעפרייאונגס־בעוועגונג. אינדיען, דער אונענדליכער קוואַל פון ענגלאַנד׳ס רייכטהום, איז שוין לאַנג געוואָרען פאַר די אינדיער איין גרויסער בית עולם, וואו זיי שטאַרבען אויס אין די מיליאָנען בוכשטעבליך פון כראָנישען הונגער און כראָנישער פעסט. און דער זיעג פון יאַפּאַן און די רוסישע רעוואָלוציאָן און די פערסישע רעוואָלוציאָן — דאָס אַלעס האָט די אונצופריעדענהייט פון די אינדישע פעלקער נאָך מעהר אויפגעפייערט. ענגלאַנד האָט גענומען ערוואַרטען מיט שרעק דעם טאָג, ווען די אונגעהייערע מענשען־מענגע וועט זיך אויפהויבען און אָראָפּטראָגען פון אומגליקליכען לאַנד יעדען שפּור פון ענגלישען דעספּאָטיזם. אַ מלחמה מיט רוסלאַנד ביים אינדישען גרענעץ — וואָלט גלייך אויפגעבושעוועט דעם „אָקיאָנוס פון רעוואָלוציאָן", ווי אַן אינדישער שריפטשטעלער האָט זיך אויסגעדריקט. און פאַר ענגלאַנד איז ווערטה געווען מפקיר צו זיין די פערסישע פרייהייט, אַבי נור די שקלאַפהייט פון די 300 מיליאָן אינדיער פאַר זיך זיכערער צו מאַכען.

דער פערמיטלער צווישען ענגלאַנד און רוסלאַנד איז געווען פראַנקרייך, צו וועלכען מען האָט דאַבײ פערשאַכערט מאַראָקאָ. פראַנקרייך האָט זיך שוין לאַנג געקליבען איינצושלינגען מאַראָקאָ, ווען ניט די קנאה פון דעם דייטשען קייזער. האָבען ענגלאַנד און רוסלאַנד גאַראַנטירט פראַנקרייך אַ פרייע האַנד. און די מלחמה צווישען די נייסטע פראַנצויזישע האַרמאַטען און די ביליגע אַראַבישע ביקסען האָט גענומען אָנגעהן אין מאַראָקאָ אונגעשטערט, און דער פינסטערער שאָטען פון קייזער ווילהעלם איז שוין מעהר ניט געפאַלען אויף די גלאָררייכע נצחנות פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

אַזוי האָט עס פון אָנפאַנג אָן די עדוואַרד־ניקאָלאַי בעגעגעניש געבראַכט פריעדען אויף דער ערד. און בעת די גאַנצע אָפיציעלע וועלט און בעת די גאַנצע מאָרד־פּאַטריאָטישע פרעסע פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד האָט בעגריסט דיעזען פריעדען און אויפגענומען מיט ענטציקונג די אַלע גלענצענדע פּאַראַדען און באַנקעטען און טאָסטען פאַר דיעזען פריעדען — דאַן ערגעץ ווייט־ווייט, אין אזיען און אין אפריקא, אויף די גאַסען פון די פערסישע שטעדט, צווישען די בערג פון אינדיען, אויף די זאַמד־וויסטעניסען פון מאַראָקאָ, זיינען אָנגעגאַנגען אויסשלאַכטונ־

גען פון גרויסע מאַסען מענשען. און דער איינציגער פערברעכען פון די אויסגעשלאַכטעטע איז געווען נור זייער ליעבע צו זייער פאָלק, צו זייער לאַנד, צו זייער אונאַבהענגיגקייט. און עס איז פער׳חתמ׳עט געוואָרען דער שיקזאַל פון דריי אַלטע פעלקער מיט א גרויסער היסטאָרישער פערגאַנגענהייט. און מונטערער איז אָנגעגאַנגען די בשותפות׳דיגע אַרבייט פון די רוסישע און פערסישע קאַזאַקען איבער די קערפערס פון די פערסישע פאַטריאָטען. און מונטערער איז אָנגעגאַנגען דער געיעג פון די ענגלישע רעגימענטען אויף די ווידערשפעניגע אינדישע שבטים אין די בערג ביי אַפגאַניסטאַן. און מונטערער איז אָנגעגאַנגען די פראַנצויזישע האַרמאַטען־שיסעריי און אויסגעלייגט איין מאַהרען־לאַגער נאָכ׳ן צווייטען, מענער, פרויען און קינדער, אַזוי ווי די שניטער לייגען אויס די זאַנגען.

און די רעזולטאַטען פון עדוואַרד׳ס וויזיט האָט מען שנעל און שמערצליך דערפיהלט אויף אין טערקיי. אין דער גרויסער טראַגעדיע, ווי טערקיי איז דערוואָרגען געוואָרען גראַדע בעת זי האָט גענומען ערוואַכען צו א נייעם לעבען, איז די עדוואַרד־ניקאָלאַי בעגעגעניש געווען דער ערשטער און פיליכט דער וויכטיגסטער אַקט.

דאָרט, אויף די וואַסערן ביי רעוועל, איז אונטערגעשריעבען געוואָרען טערקיי׳ס גזר דין. די ענגלישע מלוכה האָט נאָך אַמאָל געטהאָן דעם צאַר א געפעליגקייט, ענטזאַגענדיג זיך פון איהר אַלטער פאָליטיק, פון ביקאָנספיעלד׳ס פאָליטיק. די האַנד, וואָס האָט 30 יאָהר געשיצט און בעוואַכט די אונאַבהענגיגקייט און די גאַנצקייט פון טערקיי, האָט זיך אָפגעטהאָן. טערקיי איז איבערגעלאָזען געוואָרען הפקר פאַר די אַלע אינטריגעס און העצערייען, פאַר די אַלע געוויסענלאָזע אַגענטען־פראָוואָקאַטאָרען, פאַר די אַלע אונערזעטליכע אַפעטיטען פון איהרע קריסטליכע שכנים מיט׳ן צאַר בראש.

און טערקיי האָט זיך ניט געקענט רעטען אויף דורך דער קאָנסטיטוציאָן, וואָס מען האָט דאָרט א קורצע צייט שפעטער אויסגעקעמפפט. די טערקישע פאַטריאָטען האָבען געהאָפט, אַז א פרייע טערקיי וועט פון אייראָפאַ, און הויפטזעכליך פון ענגלאַנד, פיעל בעסער בעהאַנדעלט ווערען. ווי ביטער אָבער זיי האָבען זיך גענאַרט! גראַדע נאָך דער רעוואָלוציאָן האָט די קריסטליכע אייראָפאַ פרעכער גענומען רייסען שטיקער נאָך שטיקער פון טערקיי. און גראַדע נאָך דער רעוואָלוציאָן האָט טערקיי דערפיהלט אַם שמערצליכסטען, ווי גלייכגילטיג, ווי אייזקאַלט ענגלאַנד איז צו איהר געוואָרען.

דאָסזעלבע האָט שפעטער אביסעל פאַסירט אויך מיט כינאַ. גראַדע נאָך דער רעוואָלוציאָן האָט כינאַ דערפיהלט וויסטער איהר עלענד צווישען די ווילד־רויבערישע גרויסמעכטע, און רוסלאַנד, מיט דער הסכמה פון ענגלאַנד, האָט אויף דעם פרעכסטען אופן אָפגעפיקט פון כינאַ אַזאַ ריעזיגען שטיק, ווי מאָנגאָליאַ.

* * *

בעת עדוואַרד איז געפאָהרען צו ניקאָלאַיען אין רעוועל, האָט פון א האַלבען ערדקוגעל געשאַלט איהם אַנטקעגען די בשורה: דער מזרח ערוואַכט — דער ווייטער מזרח, דער מיטעל־מזרח, דער נאָהענטער מזרח. און טראַכטען מיר פון יענער מערקווירדיגער צייט, קומט אונז אויפ׳ן זינן לערמאָנטאָוו׳ס א געדיכט, וואָס איז געשריעבען געוואָרען מיט 67 יאָהר פריהער. דאָס איז א הערליכע פאַנטאַזיע, וואו דער גרויסער רוסישער פאָעט שילדערט די הילפלאָזיגקייט פון דעם מזרח.

צווישען די קאַווקאַזער בערג, וואָס שטעהען אַזוי ווי אויפ׳ן וואַך צווישען אַזיען און אייראָפאַ, האָט זיך אָנגעפאַנגען א דעבאַטע.

איין באַרג האָט געסטראַשעט דעם צווייטען: היט זיך פאַר דעם מענשען! באַלד־באַלד, און אויף דיינע שפיצען, וואו עס טראָגען זיך נור וואָלקענס און אָדלערס, וועלען נעהמען געהן קאַראַוואַנען, און עס וועט קומען דער מענש און אָנבויען אויף דיר זיינע רויבערדיגע הייזקעס, און ער וועט זיך אַריינרייסען אין דיין שטיינערנער האַרץ מיט זיינע אייזערנע לאָפעטעס, און ער וועט בעזיעגען און בעצווינגען דיך. היט זיך, מעכטיג און מענשענרייך איז דער מזרח!

ענטפערט דער צווייטער באַרג: איך האָב קיין מורא ניט פאַר׳ן מזרח. שוין 9 יאָהרהונדערטער אַז די מענשהייט שלאָפט דאָרט א טיעפען שלאָף. טהו נור א קוק אַרום און אַרום! אונטער די שאָטענס פון די מזרח־בוימער שוימט זיך און גיסט זיך דער זיסער וויין פאַר׳ן פערשלאָפענעם גרוזין. ווייטער, אין רויך פון דער וואַסער־ליולקע, אויפ׳ן פאַרבענרייכען דיוואַן, פערוויעגט פון פערעלדיגען פאָנטאַן, דרעמעלט טעהעראַן. נאָך ווייטער, ביי די פיס פון ירושלים, פערברענט פון גאָט, אָהן לשון און אָהן בעוועגונג, ליעגט דאָס טויטע לאַנד. נאָך ווייטער, אייביג שאָטענלאָז, וואַשט דער געלער נילוס די אָנגעברענטע טרעפ פון די קברים פון די פרעה׳ס. און פערגעסען האָט דער בעדואין זיינע ערוואַגטע איבערפאַלען, און ער ליעגט אין זיינע קאָלירטע געצעלטען, און זינגט בלויז וועגען די מעשים פון זיינע אורעלטערן. און אַזוי ווייטער, און ווייטער, ווי ווייט די אויג קען נור כאַפען, איז אַלץ פערזונקען אין רוהע, אין שלאָף. ניין, דער אַלט־שוואַכער מזרח וועט מיך ניט קענען בעצווינגען.

67 יאָהר זיינען פאַראיבער נאָך דעם, ווי דיעזע שילדערונג איז געשריעבען געוואָרען, און וואָס פאַר ענדערונגען — וואָס פאַר וואונדערליכע, וואָס פאַר ענטציקענדע ענדערונגען!

קאַזבעק, דער שטאָלצער באַרג פון קאַוו־

קאַז, האָט אין יאָהר 1908 שוין געזעהן פאַר זיך אַן אויסגעטשובעטען גרוזין און אַ שטורמיש־אונרוהיגען טעהעראַן, און אַ בעדואין, אין וועלכען עס הויבען אָן צו פלאַמען גרויסע פאַן־אַראַבישע שטרעבונגען, און אויף די זוניגע ברעגען פון דעם געלען נילוס, צווישען די קברים פון די פרעה׳ס, האָט זיך צוריק בעוויזען אַז אָנגעשטריינגטע מענשליכע טהעטיגקייט, און, עס וואַקסט דאָרט אַ פאָלק, וואָס וויל מעהר ניט דולדען קיין פרעמדע אויבער־הערשאַפט. און אַפילו דאָס חרוב׳ע לאַנד ביי די פיס פון ירושלים האָט אָנגעפאַנגען אַרויסצואווייזען סימנים פון אויפלעבונג, פון לשון און בעוועגונג.

און ווען קאַזבעק וואָלט איבערגעוואָרפען זיינע בליקען אויפ׳ן ווייטען מזרח און אָנגעקוקט די אַלע גרויסע און ברייטע לענדער פון צפון און פון דרום, דאַן וואָלט ער דערזעהן פאַר זיך וואונדער אַלץ מעהר איבערראַשענדע. דאַן וואָלט ער דערזעהן פאַר זיך די טריאומפירענדע געלע יאַפּאָנעזער, פון וועלכע די ווייסע מענשהייט האָט זיך ניט לאַנג דערוואוסט, און וועלכע זיינען אַזוי שנעל געוואָרען דער צענטער פון שפּאַנענדסטער אויפמערקזאַמקייט, פון גרויסע ערוואַרטונגען און גרויסער אימה. און ער וואָלט געזעהן וואָס פאַר אַ חורבן די יאַפּאָנעזער האָבען געמאַכט פון די אַלע רוסישע „רעגימענטען פון דונאַי ביז אוראַל, רוישענדע, אַזוי ווי מעכטיגע וואַסערן, שרעקליך־לאַנגזאַמע, אַזוי ווי שווערע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך געטראָגען דירעקט אויפ׳ן מזרח“. און ער וואָלט אויך דערזעהן פאַר זיך די 300 מיליאָן אינדיער, ווי זיי גרייטען זיך צום קאַמפף פאַר פרייהייט און ציוויליזאַציאָן, און זיי פערמעסטען זיך אַרונטערצושליידערן דעם ענגלישען יאָך, צו מאַכען בריטאַניען פאַר אויס וועלט־אימפּעריע און אומצוענדערן דעם פּאָליטישען אנגעזיכט פון דער וועלט. און ער וואָלט אויך דערזעהן פאַר זיך די 400 מיליאָן כינעזער, ווי זיי ריהרען זיך אויף און פאַנגען אָן זייער אונגעהייערן מאַרש פאָרווערטס, וואָס טראָגט אין זיך דעם סוד פון דער מענשליכער צוקונפט.

און ווען ער וואָלט איבערגעוואָרפען זיינע בליקען פון ווייטען מזרח אויפ׳ן נאָהענטען מזרח, דאַן וואָלט ער דערזעהן פאַר זיך צוויי הונדערט טויזענד מאַן אַרום דעם פּאַלאַץ פון דעם סולטאַן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַ ריכטיגען דור הפלגה פון ראַסען און פעלקער — טערקען און בולגאַרען, אידען און גריכען, קורדען און אַרמעניער, סערבען און באַשיבאַזוקען, מאַצעדאָניער און אַלבאַניער. און זיי בעגריסען אַלע מיט טרעהרען פון ענטציקונג די טערקישע קאָנסטיטוציאָן, און זיי שווערען זיך, אַז זיי וועלען מעהר איינע געגען די אַנדערע קיין שווערד ניט אויפהויבען. און די אַלע הערצער, וואָס האָבען נאָך נעכטען געאַטעמט איינע געגען די אַנדערע מיט ברענענדער שנאה, גיסען זיך איצט צונויף אין איין פרייד־געשריי: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט!

נאָך אַ קורצע צייט איז פאַראיבער — בלויז 6־7 יאָהר, און ווידער נייע ענדערונגען. וואָס אָבער פאַר טרויעריגע, בייזע ענדערונגען!

דאָס זיינען עס געווען די רעזולטאַטען פון דער עדוואַרד־ניקאָלאַי בעגעגנים — אַ דערשטיקטע אינדיען, אַ דערשלאָגענע כינאַ, אַ צוטראָטענע פּערסיען, אַ דערוואָרגענע טערקיי, אַ פערשקלאַפטער אַלט־שוואַכער מזרח, פול מיט ערנידערונג און ערביטערונג, מיט אָפּגענאַרטע האָפנונגען און שוואַרצע חלומות.

און יאַפּאַן, וואָס האָט ניט לאַנג נאָך, מיט׳ן זיעג איבער רוסלאַנד פערשטראַהלט און בעגייסטערט דעם גאַנצען מזרח, איז איצט געוואָרען אויפ׳ן מזרח דער פינסטערער זשאַנדאַרם פון רוסלאַנד. און ווען עס איז איצט אַרויסגעשוואומען די געפאַהר, אַז די אונטערדריקטע קינדער פון מזרח וועלען אויסנוצען די וועלט־מלחמה און אויפהויבען זיך געגען זייערע אונטערדריקער, האָט יאַפּאַן פרייוויליג אָנגענומען זיך צו טהאָן דאָרט די געמיינע פּאָליצייארבייט און יעדען אויפשטאַנד אויף דעם גרויזאַמסטען אופן צו דערשטיקען.

* * *

דאָס איז געווען דער פּרייז, וואָס עדוואַרד האָט בעצאָהלט ניקאָלאַיען פאַר זיין גוטען ווילען צו פעראייניגען זיך ווען־עס־איז מיט פראַנקרייך און מיט ענגלאַנד אין דער געפּלאַנעוועטער מלחמה געגען דייטשלאַנד. די אויפלעבונג, די פרייהייט, דער וואָהלזיין פון פיעלע הונדערטער מיליאָנען מענשען־קינדער אויפ׳ן ווייטען מזרח, אויפ׳ן מיטעל־מזרח, אויפ׳ן נאָהענטען מזרח — דאָס איז געווען דער פּרייז.

די ענגלישע מלוכה האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר דעם, וואָס זי האָט דאַביי געמוזט שטעלען אינדיען אין סכנה פון אַ רוסישען איבערפאַל. אמת, רוסלאַנד האָט פערשפּראָכען אין אינדיען ניט צו קריכען, ווער אָבער קען דאָ די ערבות אַרויסגעבען! די ענגלישע מלוכה איז אימער און שטאַרק בעזאָרגט געווען, אַז צווישען אינדיען און רוסלאַנד זאָל זיין אַ מחיצה — אַן אונאָבהענגיגע מדינה. און דאָ האָט זי מפקיר געווען פאַר רוסלאַנד פּערסיען, וואָס עפענט דעם וועג צו אינדיען; זי האָט מפקיר געווען פאַר רוסלאַנד מאָנגאָליא און טיבעט, וואָס עפענט ווידער דעם וועג צו אינדיען; זי האָט מפקיר געווען פאַר רוסלאַנד טערקיי, וואָס עפענט ווידער דעם וועג צו אינדיען. פאַר דער ענגלישער מלוכה איז אָבער אַלעס כדאי געווען, אַבי נור אָפּצורייסען דעם רוסישען אויטאָקראַט פון זיין פריינד, דעם דייטשען אויטאָקראַט, און אַריינציהען רוסלאַנד אין דער מלחמה געגען דייטשלאַנד.

און דער צאַר וועט שוין איצט האָבען צוויי גרויס־מעכטע אַלס וואסאַלען. פריהער האָט ער בלויז געהאַט פראַנקרייך, וואָס האָט געטאַנצט ביי איהם אויפ׳ן שטריקעל. פראַנקרייך האָט אָנגעליהען רוסלאַנד ביי אַ 17 טויזענד מיליאָן פראַנק. דאָס איז געווען דער רעוואַנש, די נקמה־לוסט אָן דייטשלאַנד, וואָס איז געוואָרען אַ גוט־בעצאהלטער געשעפט. באַנקירען און זשורנאַליסטען האָבען איבערגעגעבען די ביליאָנען אָבגעשפּאָרטע פראַנקען פון פראַנצויזישען פאָלק צו דער רוסישער רעגיערונג, מאַכענדיג דערביי אַליין שווערע מיליאָנען אין קאָמישאָן און כאַבאַר. און זאָל די רוסישע רעגיערונג באַנקראָטירען, דאַן וועט זיך עס אָפּרופען אין פראַנקרייך מיט דער שרעקליכסטער רעוואָלוציאָן. די רוסישע רעגיערונג האָט פראַנקרייך דורכאויס אין איהרע הענד. און די רוסישע רעגיערונג וועט איצט האָבען אין איהרע הענד אויך ענגלאַנד. דער משכון וועט זיין אינדיען. ענגלאַנד וועט מוזען טאַנצען אויפ׳ן שטריקעל פון דער רוסישער רעגיערונג, אַזוי ווי פראַנקרייך.

ווייטער: — מר. גריי און די קרעמער, וואָס שטעהען הינטער איהם, ווילען דורכאויס, אַז דייטשלאַנד זאָל פאַר אַ לאַנגע־לאַנגע צייט קיין תקומה ניט האָבען. דייטשלאַנד איז אָבער צו גרויס, צו שטאַרק. אויב אפילו דייטשלאַנד זאָל פערליערען די מלחמה, וועט איירָאָפּא זיך האָבען צו רעכענען פאַר פיעלע יאָהרען מיט אַ דייטשען רעוואַנש, מיט אַ דייטשער נקמה־לוסט, וואָס וועט זיין פיעל געפעהרליכער, איידער עס איז ביז איצט געווען דער פראַנצויזישער רעוואַנש. דער דייטשער רעוואַנש וועט זיין געריכטעט הויפּטזעכליך געגען ענגלאַנד. און ענגלאַנד וועט מוזען ווערען נאָך מעהר אבהענגיג פון רוסלאַנד — נאָך מעהר אבהענגיג פון צאַר׳ס פּראָטעקשאָן.

און ענגלאַנד וועט אַלץ אונטערטהעניגער מוזען דיענען דעם צאַר און זיינע אונערזעטליכע אפּעטיטען. און שווער און שמערצליך וועט מען עס פיהלען אויף טריט און שריט אין איירָאָפּא, און נאָך שווערער און נאָך שמערצליכער וועט מען עס פיהלען אויפ׳ן מזרח — אויפ׳ן ווייטען מזרח, אויפ׳ן מיטעל־מזרח, אויפ׳ן נאָהענטען מזרח.

ווי צוגעשטיקט עס איז איצט דער מזרח — איינשלעפערן אָבער קען ער שוין מעהר ניט. דער איירָאָפּעאישער קאַפּיטאַל האַלט איהם אַלץ אין איין וועקען. די ערוואַכונג פון דעם מזרח — דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציאָן. און וואָס שטאַרקער דיעזע עקספּלואַטאַציאָן וועט דאָרט אָנגעהן, אַלץ מעהר וועט זיך דער מזרח אויפטשוכען און אונרוהיג ווערען. עס וועט דאָרט אויפקומען און ענטוויקלען זיך זיך אַלץ שטאַרקער אויף דער היימישער קאַפּיטאַל,

וואָס וועט פאָדערן מעהר פרייהייט, מעהר אונאבהענגיגקייט. דער מזרח וועט נאַכאַנאַנד זיך בונטעווען. און ענגלאַנד וועט דאָרט וויעדער און וויעדער מוזען ארבייטען פאַר „פריעדען און אָרדנונג“ שולטער ביי שולטער מיט׳ן צאַר.

* * *

בעת ענגלאַנד איז צוגעשטאַנען צו רוסלאַנד און פראַנקרייך, האָט מען עס בעגריסט אַלס די וויכטיגסטע גאַראַנטיע פאַר׳ן איירָאָפּעאישען פריעדען. די גרויס־מעכטע האָבען זיך צוטהיילט אויף צוויי גרופּפּען: איין גרופּפּע איז געווען דער דריי־בונד פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליען, די צווייטע גרופּפּע איז געווען דער דריי־אָבמאַך פון רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. און מען האָט אַלץ גערעדט, אַז די דיפּלאָמאַטישע בונדען און אָבמאַכען גאַראַנטירען דעם פריעדען, ווייל אַ מלחמה אונטער די אומשטענדען וואָלט געווען צו שרעקליך. אַזוי אויך האָט מען אַלץ גערעדט, אַז די שטענדיגע און מורא׳דיגע בעוואָפנונגען גאַראַנטירען דעם פריעדען, ווייל אַ מלחמה אונטער די אומשטענדען וואָלט געווען צו שרעקליך.

אָט די צוויי וועלט־ליגענס זיינען עס איצט אין די רואינען פון איירָאָפּא עקספּלאָדירט געוואָרען. די וועלט־מלחמה האָט בעוויזען, אַז פאַר די גרויסע הערען פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז דאָס שרעקליכסטע ניט צו שרעקליך, אויב נור עס האַנדעלט זיך וועגען כאַפּ־לאַפּ אינטערעסען.

און בעוויזען איז עס געוואָרען גראַדע פון דעם ביישפּיעל פון ענגלאַנד, פון פרייסטען לאַנד אין איירָאָפּא — ווי געפעהרליך עס זיינען די געהיימע דיפּלאָמאַטישע אָבמאַכונגען און ווי וועניג די מאַסען פון פאָלק קענען בויען אויף זיי, אָנפערטרויען זיי די זיכערהייט, דאָס לעבען, דעם גאַנצען שיקזאַל פון דער נאַציאָן.

מען פרעגט אַלץ: ווער איז עס געווען דער העלישער אונטערצינדער? ווער האָט עס געמאַכט דעם פייער, וואָס האָט אַזוי שוידערליך אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט?

דאָס איז געווען עדוואַרד דער זיעבענטער דער קעניג פון ענגלאַנד.

דער קעניג פון ענגלאַנד איז ניט, למשל, ווי ווילהעלם, אַן אויטאָקראַט. עדוואַרד האָט דאָ נור אויכגעפיהרט די שליחות פון די גרייס, און די גרייס האָבען דאָ נור אויסגעפיהרט די שליחות פון די ענגלישע קרעמער. די שליחות איז אָבער אויסגעפיהרט געוואָרען ריכטיג. דאָרט, ביי דער עדוואַרד־ניקאָלאַי בעגעגעניש, אין רעוועל, איז עס אונטערגעלייגט געוואָרען דער פייער, וואָס שיקט איצט אַוועק מיט פולווער און רויך מיליאָנען בליהענדע לעבענס, גאַנצע לענדער, דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע אין דער איירָאָפּעאישער ציוויליזאַציאָן.

מ. גאָלדפאַרב

די מלחמה און דער אמעריקאנער קאמפיין

איך גלויב, עס וועט גאָר ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען זאָגען, אז די מלחמה האָט וועקגערוקט אין א זייט דעם פּאָליטישען קעמפּעין, צו וועלכען אַלע פּאַרטייען בכלל און די סאָציאַליסטען בפרט האָבען זיך אזוי ענערגיש געגרייט בעפאָר די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. און ביז א געוויסען גראד איז דאָס אויך נאַטירליך. עס איז שוין לאנג פאריבער די צייט, ווען יעדעס לאנד איז געווען פערשלאָסען אין זיך. איצט זיינען אַלע לענדער און זאָגאר אַלע טהיילען פון דעם ערד־קוגעל פערוויקעלט אין דעם קנויל וואָס רופט זיך וועלט־מארק. די אמעריקאנער אינדוסטריע איז ענג צונויפגעבונדען מיט דעם אייראָפּעאישען מארק, פון דער צווייטער זייט איז דער אמע־ריקאנער מארק אין גרויס אבהענגיגקייט פון דער אייראָפּעאישער אינדוסטריע. הוץ דעם איז דער פערבאנד צווישען דער אַלטער וועלט און דער נייער ניט בלויז א עקאָנאָמישער, ניין, צווישען די ביידע וועלטען עקזיסטירט אויך א ב ל ו ט ־ פ ע ר ו ו א נ ד ש א פ ט, וועל־כע לאָזט זיך בעזונדער שטארק פיהלען אין דער איצטיגער שווערער צייט.

דערצו דארף מען אויך ניט פערגעסען, דאָס יעדער פיהלט אינסטינקטיוו, אז די מלחמה טראָגט אין זיך גרויסע מעגליכקייטען, וועלכע מען קען איצט בשום אופן ניט פאָראויס־זעהן. קאוטסקי זאָגט פאָראויס ראדיקאלע ענ־דערונגען אויף דעם גרונד פון א וויסענשאפט־ליכען אנאליז, דער דורכשניטליכער מענש פיהלט עס מיט זיין נאַטירליכען חוש. און די נערוועז זיינען אנגעשטרענגט און די אויפ־מערקזאמקייט איז געווענדעט צו יענער זייט ים, וואו עס פלאקערט דער שרעקליכער מלחמה־פייער.

די בלוטיגע דאטא — דער ערשטער אוי־גוסט, — ווען דייטשלאנד האָט ערקלעהרט קריעג צו רוסלאנד, איז אויך געווען אן אונ־גליקס־טאָג פאר דעם אמעריקאנער פּאָליטישען קעמפּיין.

* * *

בעפאָר דעם ערשטען אויגוסט האָבען די לייטענדע גייסטער פון דער אמעריקאנער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי גאַנץ ערנסט געטראכט וועגען דעם, ווי אזוי אוועקצושטעלען דעם קו־מענדען קעמפּיין אויף א ברייטען פוס. די אר־בייט האָט זיך אָנגעפאנגען מיט דעם צוזאַ־מענפאָהר פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (מאי 11—14, 1914), וועלכע האָט בעשלאָסען אריינצוטראָ־גען אין דעם קעמפּיין א גאַנצע רייהע לעבעדיגע און קאָנקרעטע אישיוס, וואָס וואָלטען געקענט פעראינטערעסירען און צוציהען די ברייטע אר־בייטער מאסען. צווישען די אישיוס געפינען מיר אזעלכע ברענענדיגע ווי 1) די אינדוסט־ריעלע קאָנפליקטען אונטער ווילסאָנ'ס אדמי־ניסטריישאָן, 2) דאָס איבערנעהמען פון אייזענ־באהנען און מיינס דורך דער רעגיערונג, 3) דאָס פּראָבלעם פון ארבייטסלאָזיגקייט און ז. וו.

דערצו איז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע צוזאמען מיט דער קעמפּיין קאָמיטע בעפאָל־מעכטיגט געוואָרען אריינצוטראָגען אויך אַלע אנדערע פראגען, וועלכע וועלען אויפקומען אין דער צייט פונ'ם קעמפּיין גופא. טשארלס ראססעל און נאָך איהם די דייטשע „פאָלקס־צייטונג“ האָבען אין דעם, וואָס די עקזעקוטיווע האָט אָנגענומען אזא רעזאָלוציאָן, געזעהן א גאַנצע רעוואָלוציאָן אין דער פּאַרטיי ארבייט פון די אמעריקאנער סאָציאַליסטען.

עס איז ניט קיין סוד פאר קיינעם, אז אין פערגלייך מיט דעם אינדוסטריעלען וואוקס אין די פעראייניגטע שטאאטען געהט די סאָ־ציאַליסטישע ענטוויקלונג פערהעלטניסמעסיג זעהר לאנגזאם. אמת, דאָס איז ניט די שולד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, עס איז גי־כער איהר אומגליק. אָבער אין גאַנצען אראָב־וואַרפען פון זיך די פעראנטוואָרטליכקייט טאָר זי ניט, איהר פליכט איז צו בעקעמפּפען די שטערונגען וואָס שטעהן איהר אויפ'ן וועג, אַלענפאלס די יעניגע פון זיי, וואָס לאָזען זיך אויסמיידען דורך געוויסע ענדערונגען אין דער טאַקטיק.

דער סאָציאַליזם האָט הויפּטזעכליך געלי־טען פון דעם, „וואָס די פיבערהאַפטע ענטוויק־לונג פונ'ם מ א ט ע ר י ע ל ע ן רייכטום וואָס האָט געזוכט צו פערפלייצען די נייע וועלט האָט ניט איבערגעלאָזען קיין צייט און ניט געגעבען קיין געלעגענהייט צו קעמפּפען פאר דער פערניכטונג פון דער א ל ט ע ר ג י י ס ט י ג ע ר ו ו ע ל ט.“ (ק. מארקס.) די צייט, וואָס מארקס האָט בעשריבען, איז שוין איצט פאריבער, איהר ירושה לעבט נאָך אָבער אַלץ. מיר האָבען שוין דאָ א בעשטענ־דיגע איבערבעפעלקערונג מיט איהר בעגלייטע־רין — די ארבייטסלאָזיגקייט. עס איז נאָך

אָבער אַלץ שטאַרק דער גלויבען, די אילוזיע, אַז אַמעריקאַ איז אַ לאַנד פון „אונבעגרענצטע מעגליכקייטען“. דיעזע האָפנונגען, וואָס וועדען קיינמאָל ניט מקוים, ווירקען פּיעליכט ניט אויף דער צ א ה ל פון די ארבייטער, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין יוניאָנס, אויף וויפיעל די יוניאָנס שטרעבען צו מאָמענטאלע פערבעסערונגען, אויף וויפיעל די יוניאָנס שטעהן פעסט אין „היינט“ און בעשעפטיגען זיך ניט מיט דער צושטערונג פון דער אלטער גייסטיגער וועלט. דער גלויבען אָבער אין דער מעגליכקייט פון א גוטען מאָרגען אין די גרענצען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט ווירקט אויף דעם כאַראַקטער פון די יוניאָנס, שטעלט זיי אַוועק פיינדליך צו דער סאָציאליסטישער פּאַרטיי און דאָס רופט זיך אָב גאַנץ שטאַרק אויף דער ענטוויקלונג פון דער סאָציאליסטישער פּאַרטיי גופא.

דערצו האָט נאָך די אַמעריקאַנער סאָציאליסטישע פּאַרטיי אַ סך אַ שטאַרקערען שונא ווי די סאָציאליסטישע פּאַרטייען אין דער אלטער וועלט. די פראנצויזישע בורזשואזיע האָט אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע אָנגעשריעבען אויף איהר פאָהן: „מיר דארפען זיין אלץ“. איהר וואונש איז אָבער קיינמאָל ניט מקוים געוואָרען. די אַלטע פעאָדאלע געזעלשאַפט לאָזט זיך איבעראל פיהלען ווי אַ שותף צו הערשאַפט און אום דעם אונגעווינשטען שותף צו בעקעמפּפען מוז דער קאַפּיטאַל אין אייראָפּא שפּיעלען אַ ליעבע מיט דעם אַרבייטער־קלאַס. דאָס שוואַכט אָפּ דעם קאַפּיטאַל, אַלס אַ פּאָליטישע קראַפט, און פערשטאַרקט די פּאָליטישע בעדייטונג פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס און פון זיין פּאַרטיי. די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען דאָס איינציגע לאַנד, וואו דער קאַפּיטאַל האָט די אידעאלע פאָרמע פון זיין הערשאַפט — די רעפּובליק. ער דאַרף קיינמאָל ניט מורא האָבען פאַר אַן אָנפאַל פון אויבען. ער הערשט אונבעגרענצט און מיט קיינעם דאַרף ער זיין הערשאַפט ניט טיילען. דאַרום קען ער זיין גאַנצע קראַפט ווידמען דעם קאַמפּף געגען דעם שונא פון אונטען — דעם פּראָלעטאַריאַט.

עס איז אַ גרויסער טעות צו דענקען, אַז היות מיר האָבען דאָ אַ רעפּובליק, בלייבט בלויז צו אַגיטירען פאַר׳ן סאָציאליזם און וואַרטען ביז דער גלאָק פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע וועט קלינגען. ניין, די רעפּובליק איז ניט קיין פערגליווערטע פאָרם, מיט א י י ן בעשטימטען אינהאַלט, זי איז אַ בעוועגליכע פאָרם. אונטער דער רעפּובליק קענען זיין בעסערע און ערגערע אַרבייטס־געזעצען, עס קען זיין אַ געזונטע באַנק־סיסטעם און אַ קארופּטע, עס קענען זיין באַהנען, וואָס בעשווינדלען דעם עולם, און עס קענען זיין באַהנען וואָס בעדיענען דעם עולם, קוילען קענען קאָסטען ביליגער און טהייערער — קורץ, עס איז מעגליך אויפצושטעלען אַ גאַנץ ברייטע פּראָגראַם פון פערבעסערונגען, וואָס קיינע פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען וועט אויף אַ ראַדיקאַלען אופן ניט אימשטאַנד זיין דורכצופיהרען. און די פּראָגראַם, בעוואָפענט מיט דער סאָציאליסטישער קריטיק, קען ווערען אַ גרויסע צוציהונגס־קראַפט פאַר די ברייטע מאַסען און פערוואַנדלען דעם קעמפּיין פון אַן איינפאַכער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע אין א פּאָליטישען קאַמפּף פאַר איינפלוס אויף דער געזעצגעבונג. דער פּאָליטישער קאַמפּף מוז געפיהרט ווערען ארום פּראַקטישע פאָדערונגען. פּראַקטישער מוז דארום ווערען אויך די סאָציאליסטישע אַגיטאַציע, ד. ה. זי מוז פערענטפערן אלע פּאָליטישע פראַגען ניט בלויז פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון דער צוקונפט־געזעלשאַפט, נור אויך פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון אונזערע נאהענטסטע אויפגאַבען.

דערפאַר טאַקע האָט ראַססעל זיך אַזוי דערפרעהט מיט דער אויבען דערמאהנטער רעזאָלוציאָן פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וואָס פאָדערט אויף איבערצוגעהן פון אקאדעמישער פּראָפּאַגאַנדאַ צו פּראַקטישער אַגיטאַציע.

עס איז קוים נויטיג צו דערצעהלען, אַז די אידישע סאָציאליסטישע פעדעראַציע האָט פונ׳ם פולען האַרצען בעגריסט דעם איבערגאַנג. די אידישע סאָציאליסטישע אַגיטאַציע האָט געליטען פון אלע חסרונות פון דער אקאדעמישער פּראָפּאַגאַנדאַ — פון איהר אבסטראַקטקייט, אָפּגעריסענקייט פונ׳ם לעבען— און האָט ניט געהאַט איהר הויפּט מעלה — איהר טיעפקייט.

* * *

די וויכטיגע פּאָרבערייטונגס־אַרבייט, וואָס האָט געזאָלט בעפרוכטען דעם קעמפּיין, איז אָבגעשטעלט געוואָרען אַ דאַנק דער מלחמה. דער געהילך פון דער מלחמה האָט זיך ווי אַ שטורם אַריינגעריסען אין דעם אמעריקאנער פּאָליטישען לעבען. די בלוטיגע שרפה אין אייראָפּא האָט צוגעצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. פאַר די סאָציאליסטען האָט זיך ערנסט געשטעלט די פראַגע, וואָס פאַר א שטעלונג דארפען זיי נעהמען צו דער מלחמה. נעהמען אַ שטעלונג איז אָבער געווען מורא׳דיג שווער. זייט דער נייער סאָציאליסטישער אינטערנאַציאָנאל לעבט איז דאָס דער ערשטער פאַל, ווען זיינע גרויסע און אָרגאַניזירטע טיילען זיינען פּלוצלינג געשטעלט געוואָרען איינס געגען אנדערן. דערצו זיינען מיר מיט אַ מאָל איבערגעטראַגען געוואָרען צו דער צייט פון מיטעלאַלטער, ווען איין לאַנד איז אָבגעריסען געווען פונ׳ם צווייטען. ידיעות זיינען אָנגעקומען צו אונז מאַגערע, פאַלשע און ווידערשפּרעכיגע. פערנאַנדערקלייבען זיך אין דעם

דאָזיגען פּלאָנטער איז כמעט ניט געווען קיין מעגליכקייט. דער אמעריקאנער סאָציאליסט איז אוועקגעשטעלט געוואָרען פאַר אַ רעטעניס, און דעם שליסעל צו איהם האָט ער ניט געהאַט. די שונאים פונ׳ם סאָציאליזם האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט צו וואַרפען אויף די אייראָפּעאישע סאָציאליסטען אומגעלומפּערטע בעשולדיגונגען. די סאָציאליסטען דאָ האָבען געהאַט בלויז איין מעגליכקייט : פערדאַמען די מלחמה און פּרעדיגען שלום. די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט אָבער געטהאָן פּונקט דאָס זעלבע און אויף וויפיעל זי איז פיעל שטאַרקער פון דער סאָציאליסטישער פּרעסע האָט איהר שטימע געקלונגען מעכטיגער און האָט זאָגאַר פערהילכט די פּראָטעסט־שטימע פון די סאָציאליסטען. אמת, דער קאַפּיטאַליסטישער רודף שלום האָט פּראָטעסטירט אויף אַ ריין דעמאַגאָגישען אופן — די סאָציאליסטישע פּאַרטיי איז אָבער געווען מאַכטלאָז די צבועאטסטווא אויפצודעקען פאַר דעם גרויסען עולם, ווייל זי איז געווען צופיעל פערנומען מיט דער פראַגע וועגען דער האנדלונג פון די אייראָפּעאישע סאָציאליסטען.

פּאַרבייגעהענדיג מוזען מיר אנווייזען, אַז די אישיו: „אויסהונגערן אייראָפּא"—דאַרף בעטראַכט ווערען בלויז אַלס אַ רעזולטאַט פון הילפלאָזיגקייט. עס איז גענוג די זאַך ערנסט און רוהיג צו בעטראַכטען, אום עס זאָל תיכף קלאָהר ווערן, אַז די סאָציאליסטען דאַרפען זיך אָפּזאָגען פון דער צווייפעלהאַפטער אויפגאַבע. וועלכע איז אגב אויך אונמעגליך דורכצופיהרען.

באַלד אין אָנפאַנג פון דער מלחמה האָט זיך צו אונז גענומען קלייבען דער יקרות. די סאָציאליסטען האָבען גלייך געגען איהם אַ קאַמפּף אָנגעפאַנגען. דער יקרות איז אָבער געווען פון מעהר אָדער ווייניגער אַ געקינסטעלטען און אַ פערברעכערישען סאָרט, און דער קאַמפּף געגען איהם איז פון זיך אַליין איבערגעגאַנגען צו דעם געריכט.

ניט בעסער איז אונז געגאַנגען מיט אַן אנדער אישיו — די מלחמה האָט צו אונז פערטריבען דעם קריזיס־וואָלקען. די מלחמה איז אַ מין קעסעל, פון וועלכען עס קענען אַרויסשפּרינגען אונערוואַרטעטע זאַכען. געגוי זאָגען, וואָס וועלען זיין די עקאָנאָמישע רעזולטאַטען פון דער מלחמה פאַר אמעריקא איז שווער. די מעגליכקייט איז ניט אויסגעשלאָסען, אַז דער וואָלקען זאָל צוריק אַרויסגעטריבען ווערן פון אַ שטאַרקען ווינט פון אַ נייער אינדוסטריעלער אויפלעבונג.

אַזוי האָט די מלחמה קיינע נייע אישיום די סאָציאליסטען ניט געגעבען. זי האָט אָבער געשאַפען אַ מישמאַש אין זייערע מוחות און אָפּגעצויגען זייער אויפמערקזאַמקייט פון די פריהערדיגע אישיום, וואָס האָבען דערווייל פערלאָרען זייער שאַרפקייט.

* * *

אויף דעם ערשטען בליק קען זיך דאַכטען, אַז די מלחמה האָט געדאַרפט אין דער זעלבער מאָס אויך אָפּשוואַכען די פּאָליטישע טהעטיגקייט פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. דאָס איז אמת, אָבער ניט אין גאַנצען. קודם כל בעציהען זיך די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען פיעל רוהיגער צו די שרעקען פון דער מלחמה, ווי די סאָציאליסטען. די מלחמה איז אַ נויטיגער רינג אין דער קייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס שטיצט זיך אויף׳ן פּרינציפּ פון בעוואָפּענטער קאָנקורענץ. נור ניט דאָס איז דער עיקר.

די פּאָליטישע אַרבייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז פיעל שווערער און פעראַנטוואָרטליכער, ווי די פּאָליטישע אַרבייט פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען צוזאַמענגענומען. די סאָציאליסטען זוכען אַ נייע געזעלשאַפט אויפצובויען, די קאַפּיטאַליסטען די איינגעפונדעוועטע געזעלשאַפט אויפצוהאַלטען. די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען זיינען בלויז אַ צוגאָב צו דעם פערצווייגטען מעכאַניזם, וואָס רופט זיך „רעגיערונג", וואָס שטעהט שטענדיג אויף דעם וואַך פון די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז דער איינציגער אָרגאַן פון פּאָליטישער ווירקונג פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס. ווערט דער אָרגאַן אָפּגעשוואַכט, דאַן ווערט דער קעמפּיין פערוואַנדעלט אין אַ סכסוך צוליעב איינגעזעסענע רעגיערונגס־שטעלען.

טאַקי דערפאַר מיינען מיר, אַז די מלחמה האָט הויפּטזעכליך אָפּגעשוואַכט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. געדאַרפט וואָלט אָבער זיין פערקעהרט. ווי פערפלאָנטערט עס זאָל ניט זיין די לאַגע אין אייראָפּא, איין זאַך איז אָבער קלאָהר : די מלחמה וועט געבען אַ שרעקליכען קלאַפּ, ווי זי זאָל זיך ניט ענדיגען, יענע כוחות, וואָס האָבען איהר אַרויסגערופען. מיר מיינען דעם בונד פון קאַפּיטאַליסטישען אימפּעריאַליזם מיט די שריים פון דער אמאָליגער געזעלשאַפט — די געקרוינטע קעפּ פון אייראָפּא. אין דער זעלבער צייט וועלען נאָכדעם ווי די מלחמה וועט זיין געענדיגט נאָך ברייטער זיך עפענען די קוואַלען פון אונצופרידענהייט אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, און אָנטרינקען דעם באָדען פאַר דער סאָציאַליסטישער זריעה.

ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאָ אין אַמעריקא זאָל אַרויסגעהן זיעגרייך פון דעם קעמפּיין, וועט זי קענען ווערען די פעראייניגונגס קראַפט פונ׳ם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. און אַזאַ מעגליכקייט איז נאָך דאָך פאַרהאַן. דער מאָנאַט פון לעצטען און ענטשיידענדען קאַמפּף איז נאָך פאַר אונז, און מיר קענען פון איהם נאָך פיעל ערוואַרטען.

אברהם רייזען

אין אויטאמאביל

(ערצעהלונג)

אויסצולערנען איהר „טרייד“ איז ליזען אָנגעקומען זעהר שווער. עס איז געווען א טרייד, וואָס צאָהלט זיך אָם בעסטען און ליזע האָט אָנגע־וועגדט זאָגאַר באַזוכטען, אַבי דעם דאָזיגען טרייד אויסצולערנען. אריינקומענדיג אין שאַפּ און נאָך דער ערשטער פראַגע פון באָס, וואָס קען זי ארבייטען, האָט זי מיט א געמאַכטער רוהיגקייט אין טאָן געענטפערט:

— איך בין א דרייפּערין!

קיין דרייפּערין איז זי אָבער דעמאָלט ניט געווען און זי האָט זיך בלויז פערלאָזען אויף איהרע פעהיגקייטען. זי וועט שטעהן און נאָכ־קוקען ווי מען ארבייט און זי וועט אזוי שטילער־הייט נאָכאַרבייטען.

אין דעם ערשטען שאַפּ האָט מען איהר אויפ'ן צווייטען טאָג געכאַפּט:

— דו ביזט אזא דרייפּערין, ווי איך בין א טענצערין—האָט איהר די פאָרליידי קריטיקירט. און זי האָט דעם פּלאַץ גלייך פערלאָרען.

בעקומען אָבער פאר'ן טאָג ארבייט האָט זי פּונקט ווי א דרייפּערין: דריטהאַלבען דאָלאר. ליזען האָט הנאה געטהאָן, וואָס איהר איז גע־לונגען אזוי אָבצונאַרען א באָס. זי האָט אָן איהם ווי געזעהן א נקמה. מעהר אָבער האָט איהר געפרעהט די דריטהאַלבען דאָלאר, מיט וועלכע זי קען לעבען עטליכע טעג און דערוויל זוכען א נייעם פּלאַץ און טאַקע ווידער אַלס דרייפּערין...

אויפ'ן צווייטען פּלאַץ האָט זי שוין אָבגע־ארבייט צוויי טעג. געכאַפּט האָט מען זי ערשט אויפ'ן דריטען טאָג. דעמאָלט האָט זי שוין אין דער נייער ארבייט געהאַט א שטיקעל בעגריף און אז די פאָרליידי האָט זיך אויף איהר ארבייט געקרימט, האָט ליזע זיך איינגעשטעלט און גע'טענה'ט מיט קוראַזש:

— איך בין א דרייפּערין!

געהאָלפען האָט דאָס איהר אפילו ניט. דעם פּלאַץ, ווי געזאָגט, האָט זי פערלאָרען, בע־קומען אָבער האָט זי געהאַלט פאר צוויי מיט א האַלבען טאָג איבער פינף דאָלאר און דערצו האָט זי שוין איהר נייעם פאַך באַלד אויסגעלערנט.

זי דאַרף נור א פּאָאר באָסעס אָבצונאַרען און ענדליך וועט זי ווערען א ריכטיגע דרייפּערין און וועט פערדיענען ביז פופצעהן דאָלער א וואָך.

און א מוטיגע פלעגט זי אַלע אין־דער־פריה אויפשטעהן און זוכען א נייעם פּלאַץ, און טאַקע נור אַלס דרייפּערין. און אויף אזא אופן האָט זי איהר פאַך גוט אויסגעלערנט און איז געוואָרען באַלד איינע פון די בעסטע אַר־בייטערינס.

ליזע איז געווען נאָך יונג און שעהן, און ניט נור די פּאָאר מענער פון שאַפּ פלעגט זי געפעלען, אפילו די פאָרליידיס האָבען איהר ליעב געהאַט. ארבייט פלעגט מען איהר אויסטיי־לען די לייכטערע, און דער באָס, וואָס פלעגט עטליכע מאָל אריינקומען אין שאַפּ געוואָהר ווע־רען די ארבייט, האָט ניט איינמאָל געוואָרפען אויף ליזע'ן א פריינדליכען בליק...

ליזע האָט עס געמערקט, אָבער זי האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג. די באָסעס, מעגען מאַנכע פון זיי זיין יונג און שעהן, האָט זי ניט גע־גליכען. געשטאַמט האָט זי פון א רייכער אי־דישער יחוס־פאַמיליע אין פוילען און זי האָט ניט געקענט פערטראָגען די האַלטונג פון די אויפגעקומענע גראָבע מענשעלעך... געוואוסט האָט זי, אז ווען זי וואָלט איינעם פון זיי בלויז א פריינדליכען שמייכעל געשענקט, וואָלט זי אפשר פערשפּאָרט צו ארבייטען, און אנשטאַט אויסצואַרבייטען א טאָג עטליכע און צוואַנציג קליידער אויפ'ן פיגור, וואָלטען פאר איהר אַנדערע מיידלאך, די עלטערע און די מאוס'ערע, אויסגעאַרבייט קליידער, וואָס זי וואָלט זיי אַליין געטראָגען...

אָבער אזוינס פאַלט איהר אפילו ניט איין! פערקויפען קען זי איהרע הענד, אָבער ניט איהר שמייכעל. איהם האַלט זי פאר א פריינד, וועלכער וועט א מאָל קומען. ער איז א הוי־כער, א בלאַסער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען. זי קען איהם שוין אין געדאַנק עטליכע יאָהר, זי זעהט איהם אין חלום און אויפ'ן וואָהר...

עס איז נור א שאָד, וואָס די שעהנסטע יאָהרען געהען אוועק אין שאַפּ. א דרייפּערין איז אפילו א גוטע ארבייט, אָבער לייכט איז עס ניט. א גאַנצען טאָג מוז מען שטעהן מיט א פולען מויל מיט שפּילקעס און שפּילעווען

די רייכע קליידער, וואָס הענגען אויף די אונבעוועגליכע פיגורען.

אָבער זי וועט דאָך א מאָל דערפון בעפרייט ווערען. דער הויכער, בלאַסער יונגער מאַן מיט די שוואַרצע גרויסע אויגען און ליעבען שמייכעל אַרום די שעהנע ליפּען, וועט דאָך א מאָל קומען און וועט זי בעפרייען פון שאַפּ, פון באָס, פון דער פיגור און פון די שפּילקעס!..

שלעכט איז בלויז, ווען אין לאַנד ווערט א קריזיס און עס איז שווער אַרבייט צו קריגען. די ערשטע פּאָאר וואָכען האָט זי נאָך אַביסעל געלד און זי רוהט זיך אָב. זי געהט אַפּילו יעדען טאָג זוכען, אָבער ניט מיט אַזאַ חשק. אַריינגעהענדיג אין אָפּיס און פרעגענדיג אויף אַרבייט, ווינשט זי טיעף אין האַרצען, אַז מען זאָל איהר אָבזאָגען. זי האָט נאָך עטליכע דאלער און זי קען נאָך אויסהאַלטען. אַז די פּאָאר דאלער אָבער געהען איהר אויס, זוכט זי שוין אַרבייט מיט מעהר ענערגיע. זי קומט צום שאַפּ די ערשטע, כדי די פיעלע אַנדערע מיידלעך, וואָס זוכען אַרבייט, זאָלען איהר ניט אויסכאַפּען. שווער איז אָבער אין א קריזיס־צייט זיין די ערשטע. ווי פריה זי זאָל ניט אויפשטעהן, זיינען נאָך דאָ מיידלעך, וואָס שטעהען אויף נאָך פריהער. זי איז שוין א פּאָאר מאָל געווען דאָס פערטע, איין מאָל די דריטע, אָבער די ערשטע איז זי נאָך קיינמאָל ניט געווען...

נור עס העלפט ניט אין קריזיס־צייט צו זיין די ערשטע. מען נעהמט איצט קיינעם ניט צו. און די אַלע מיידלעך, מיד פון שטעהן ביין שאַפּ, ניט אויסגעשלאָפענע, לאָזען זיך צום נאָהענטסטען דעפּאַרטמענט־סטאָר, וואו זיי רוהען זיך אַביסעל אויס אין קאָסטימער־זאַאל.

אָבער ניט שטענדיג איז די דעפּאַרטמענטסטאָר נאָך אָפען. דאָס רוב קומט אויס צו וואַרטען אונטען ביז מען עפענט אויף. דער געשעפטס־פיהרער, וואָס שטעהט אונטען, איז אָבער העפליך צו דעם דאָזיגען מין קאָסטימער; ער לעגט זיי פאַר שטולען צו זעצען זיך. איהם געהט גאָר ניט אָן, וואָס זיי זיינען אַלע אַרבייטאָרינס, און די אַלע שעהנע סחורות, וואָס געפינט זיך אין די אונגעהייער פיעלע אָבטיילונגען, איז ניט פאַר זיי. ער ווייס איין כלל: מענשען העפליך צו בעהאַנדלען! און דעם זכות פון דעם ביזנעס־כלל געניסען די אַרבייטסלאָזע מיידלעך און רוהען זיך אַביסעל אָפּ.

ליזע האָט די דאָזיגע דעפּאַרטמענטסטאָרס זעהר ליעב. דאָ איז אַזוי פיעל רייכקייט און ברייטקייט. זי שעמט זיך נור, וואָס זי קומט אַהער ניט אַלס קויפערין, נור אַלס איינע פון די אַרבייטסלאָזע. און נאָכדעם, ווי זי רוהט זיך אָפּ אין דעם גרויסען זאַל און מאַכט דאָרט איהר טואַלעט, וואָס זי האָט, איילענדיג זיך, אין דער היים ניט געמאַכט, געהט זי אַראָפּ א מאָל אין א מאַנכער אָבטיילונג פון ביליגע וואַארע און גיעט צו לייזען עטליכע סענט . . . און זאָל עס ניט הייסען, אַז זי איז אויך אַן אַרבייטסלאָזע מיידעל, וואָס איז בלויז אַרויף אָבצורוהען זיך און די האָהר צו פערקאַמען . . .

און אַז עס געהען אַוועק נאָך א פּאָאר וואָכען און קיין אַרבייט איז אַלץ ניטאָ, ווערט ליזע פערצווייפעלטער. זי קויפט איידער זי געהט שלאָפען פערשיעדענע צייטונגען און זוכט די אָבטיילונג, וואו מען פערלאַנגט דרייפערינס . . .

אָבער אַלע פּייפּערס האָבען די דאָזיגע אָבטיילונג אויסגעשלאָסען . . .

איהר טרייד, וועלכען זי האָט אַזוי קונציג אויסגענאַרט פון די שעפּער, איז שוין ווי פערלאָרען.

און ליזע בעשליעסט, אַז זי וועט דערווייל זיך נעהמען צו אַן אַנדער אַרבייט. זי דערמאָהנט זיך דאָס ערשטע יאָהר, ווען זי איז אַהער געקומען, דאָס איז געווען מיט א יאָהר זעקס צוריק, האָט זי געאַרבייט ערגעץ אין דאַן־טאַון ביי קעסטעלאך, און האָט גענומען צוויי דאלער א וואָך . . . זי איז דעמאָלט אַלט געווען זעכצעהן יאָהר און איז געווען דערמיט זעהר גליקליך. געוואוינט האָט זי דאמאָלס ביי איהרער אַ טאַנטע, 30 בלאָק פון שאַפּ, און זי פלעגט געהן צו פוס הין און צוריק . . .

זי זוכט אין די פּייפּערס, פון נייגעריגקייט וועגען, אַזאַ מין פּלאַץ. עס וואָלט פאַר איהר געווען ווי א גרוס פון איהר ערשטען יאָהר אין ניו יאָרק. אָבער דאָס זוכען איז אומזיסט. קיין קעסטעלאך מאַכט מען שוין ניט מעהר. זי וואָלט נאַטירליך איצט פאַר צוויי דאלער א וואָך נישט געאַרבייט, אָבער טשיקאַווע איז דאָך צו וויסען, וואו איז איצט אַהינגעקומען די דאָזיגע קעסטעל־פאַבריק! . . . זי האָט שוין אַפּילו פערגעסען אויף וועלכער סטריט דאָס איז געווען . . .

אַזוי זיינען פערגאַנגען וואָכען און קיין אַרבייט האָט ליזע ניט געפינען.

די מיסעס, וועלכע איז צו איהר שטענדיג פריינדליך געווען, האָט די לעצטע צייט אויף איהר אָנגעהויבען קוקען קרום . . .

א נאַרישע מיסעס! האָט ליזע געלאַכט אין געדאַנק — צוליעב אַכט דאלער, וואָס זי איז איהר שולדיג פאַר דירה־געלד, ווערט זי ברוגז און אויסער וואָס זי בעט געלד, רעדט זי מיט איהר ניט קיין צוויי ווערטער.

אָבער ליזען אַרט ניט, וואָס די מיסעס

רעדט מיט איהר ניט. קיין גרויסע חכמה איז די מיסעס ניט געווען אין די בעסטע צייטען, בפרט איצט, ווען זי איז ברוגז. איהר נארישער נאָז קוקט נאָך אויס נארישער, און איהרע קליינע אויגען זיינען נאָך קלענער געוואָרען. זי זשמורעט זיי אזוי, אז עס דאכט זיך, אז באלד ווערט זי בלינד...

— כי־כי־כי — לאכט ליזע פון איהר אין געדאנק. אז זי וועט איהר זיין שולדיג פאר נאָך א מאָנאט, וועט זי שוין גאָר צומאכען די אויגען...

ניין! בעשליעסט ליזע פעסט — זי מוז וואָס גיכער בעקומען א דזשאב...

זי איז ערשט די לעצטע טעג געפאלען אויף א פּלאַן נישט צו זוכען אין די פּייפּערס דוקא די אדווערטייזמענטס, וואו מען פערלאנגט „העלפּ". אויסער „הענד" ווערען געזוכט אין פילע אָבטיילונגען גאנצע מענשען אויך...

אָט זוכט א רייכע ליידי אין ריווערסייד דרייוו א געזעלשאפטס־ליידי צו פאָהרען מיט איהר אין קאליפאָרניע... נאטירליך, דאָס איז ניט פאר ליזען... יענע זוכט אויסדריקליך א געבילדעטע פריילין, און ליזע האלט זיך פאר ניט געבילדעט, כאָטש ענגליש לעזט זי ניט שלעכט, אָבער געבילדעט הייסט עס ניט...

אָט זוכט מען אן אם... ליזע ווערט רויט און צולאכט זיך...

אָט זוכט א דענטיסט א יונג מיידעל אויפצונעהמען פּאציענטען...

דאָס איז שוין דוקא ביין וועג... ווערט ליזע ערנסט און בלייבט שטעהן לענגער אויף דער קורצער אנאָנס...

זי וועט מאָרגען גאנץ פריה אויפשטעהן און וועט טאקע געהן צום דענטיסט... שפּעטער קען זיין וועט ער איהר פּלאָמבירען א פּאָאר צייהנער, וועלכע זיינען איהר די לעצטע צייט קאליע געוואָרען און טהוען איהר איצט וועה...

זי ווייס נור ניט ווי ווייט זי וועט האָבען צו געהן. געהן וועט זי מוזען, ווייל קיין ניקעל אויף קאר־פער האט זי שוין ניט פון א פּאָאר טעג... א גליק, וואָס זי האט נאָך קרעדיט אין גראָסערי סטאָר און באָרגט זיך דאָרט אלע טאָג א פּאָאר זעמעל מיט פּוטער צום עסען... קעש קען זי שוין דאָרט ניט נעהמען...

אָבער עס שאדט ניט, זי וועט „וואָקען". דער דענטיסט וואוינט אפילו אין דער וועסטסייד, אָבער מעהר ווי צוויי שטונדען קען דאָך ניט דויערן, ווי ווייט עס זאָל ניט זיין! און דער פריה איז נאָך ניט שטארק היים... זי וועט געהן...

עס איז געווען דוקא א הייסער פריהמאָרגען. ליזע איז נאָך א שטונדע געהן געוואָרען זעהר מיעד. מיט ברענענדיגע אויגען האָט זי געקוקט אויף יעדער פערביילויפענדיגער קאר, האָט זיך צייטענווייז אָבגעשטעלט און געקוקט צום קאנדוקטער... א יונגער קאָנדוקטאָר האָט אָבגעשטעלט די קאר, מיינענדיג, אז ליזע וויל אריינשטייגען. זי האָט זיך פערשעמט און האָט זיך געלאָזט שנעל געהן. די קאר איז ווי מיט רוגזא פערביי געלאָפען און ליזען האָט זיך געדוכט, אז דער קאָנדוקטאָר זידעלט זי, וואָס זי האָט איהם געמאכט אומזיסט צו סטאָפּען.

ענדליך האָט זי זיך פערקירעוועט אין א ברייטער און שטילער עוועניו. קיין קארס האָבען דאָ ניט קורסירט, און ליזען האָט עס ווי געפרעהט. די פערביילויפענדע קארס אויף יענע סטריטען האָבען זי בלויז גערייצט, און דעם שווערען, לאנגען וועג געמאכט איהר לענגער און שווערער.

אמת, דאָ איז פון צייט צו צייט דורכגעפלויגען אן אויטאָמאָביל. אָבער דאָס האָט איהר שוין ניט געאַרט. אן אויטאָמאָביל קען איהר ניט רייצען, ווייל זי ווייס, אז אזוינס איז ניט פאר איהר, וועהרענד צו א קאר איז זי שוין אזוי געוואוינט...

זי איז אָבער ענדליך געוואָרען זעהר מיעד, האָט אָנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער, די פיס האָבען זיך ווי געוואקעלט. און דער שווייס אויפ'ן שטערען איז געשטאנען אין גרויסע טראָפּענס און זי האָט עס אלע מינוט אראָבגעווישט מיט'ן טיכעל...

נאָר אָט האָט לאנגזאם דורכגעשפּאצירט א לעדיגער אויטאָמאָביל, אין וועלכען עס איז געזעסען בלויז דער שאָפער פון פאָרענט און האָט ווי נאכלעסיג געפּראָוועט...

דער שאָפער, א יונגער בלאָנדין, אין א שאָפער־אנצוג, האָט ליזען האלב פערדעכטיג, האלב פריינדליך אָנגעקוקט, האָט צו איהר א שמייכעל געטהאָן און צופאָהרענדיג נעהענטער צו דעם סיידוואָק, וואו ליזע האָט זיך קוים געשלעפּט, האָט ער זיך פריינדליך אָנגערופען:

— וואוהין געהסטו?

ליזע האָט מיט דאָרשטיגע בליקען אָנגעקוקט פריהער דעם אויטאָמאָביל, נאכהער דעם שאָפער און ביידע זיינען געווען אזוי גוטהערציג און פריינדליך. זי האָט אָפענהערציג געענטפערט און אָנגערופען די סטריט מיט דעם נומער.

— זעץ זיך! איך וועל דיך צופיהרען!

— האָט דער שאָפער פאָרגעלעגט.

ליזע האָט זיך טיעף אין הארצען דערפרעהט, זי האָט אָבער פון יוצא וועגען, ער זאָל ניט מיינען, אז זי איז אן אויסגעלאסענע מיידעל, זיך געוואקעלט...

— איך קען דיך ניט... איך האָב

מורא... דו וועסט מיך פערפיהרען...

— אויב דו האָסט מורא, ברויכסטו ניט... האָט דער שאָפער רוהיג געענטפערט און האָט שוין געוואָלט אָבפאָהרען.

אָבער ליזע האָט גלייך ווי מורא האָבענדיג ניט צו פערלירען אזא גליק — איהם נאָכגעגעבען:

— אָלל־רייט, איך דאַנק דיך! פיהר מיך צו... זי האָט זיך וועקגעזעצט ביי דער רעכטער זייט פון שאָפער. ער האָט גלייך א דרעה געטהאָן דאָס הענטעל פון אויטאָמאָביל און ליזע האָט זיך שוין געטראָגען, דאָס ערשטע מאָל זייט זי לעבט, איבער די ברייטע, געפלאַסטערטע עוועניו, אין א שטאַרקער אָבער מילדער ווינד, וואָס דער יאָגענדער אויטאָמאָביל האָט פעראורזאַכט, האָט איהר געקיהלט דאָס ברענענדע געזיכט און דעם הייסען שטערען...

דער שאָפער האָט פון צייט צו צייט אויף איהר געוואָרפען פריינדליכע בליקען. ליזען איז דורכגעפלויגען אין קאָפּ אַלערליי געשיכטען, וואָס זי האָט זיך אָנגעלייענט אין צייטונגען און ביכער וועגען דעם, ווי אזוי מען האָט אין אזא אופן „געקידנעפּט“ יונגע מיידלעך, אוועקגעפיהרט זיי ערגעץ אין דער ווילדער וועסט און דאָרט האָט מען זיי געהאַלטען אין א חדר, געגעבען עסען און טרינקען, און איינער, דער אַטאַמאַן, א ווילדער יונג, מיט לאַנגע שוואַרצע לאָקענס און גרויסע שוואַרצע אויגען...

אָבער ליזען האָט עס איצט ניט געשראָקען. די צוויי מאָנאַט ארבייטסלאָזיגקייט און מאַנגעל, דער איצטיגער צו פוס געהן און דער געדאַנק וועגען איהר מיסעס, וועמען זי איז געלד שולדיג, האָט איהר יונגעס וועזען פערפּאַנצערט און זי איז געווען גרייט אויף אַלעס!

זי האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרע בליקען אויפ'ן יונגען, גוטמוטיגען שאָפער און האָט זיך מיט איהם צורעדט, ווי מיט איינעם, וואָס זי קען שוין זעהר לאַנג, רוהיג און זיכער.

צום גליק, אָדער צום אומגליק, האָט ער קיין שלעכטעס ניט געמיינט. ער האָט בעמערקט, ווי זי געהט און וואַקעלט זיך, האָט ער פערשטאַנען, אז זי איז מיעד, איהר געזיכט איז איהם געפעלען געוואָרען, ער האָט א פּאָאר פרייע שטונדען, אָט האָט ער איהר פאַרגעלעגט זיך זעצען...

ער וועט איהר צופיהרען צום דענטיסט און וועט זאָגאר וואַרטען, ביז זי וועט ארויס פון דאָרט און וועט זי פיהרען צוריק אהיים... ער האָט צייט און זי געפעלט איהם באמת, אָבער קיין שלעכטס מיינט ער ניט...

ענדליך האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָבגעשטעלט פאַר'ן הויז, וואו דער אָפיס פון דענטיסט האָט זיך געפונען. א יונגער מאַן מיט א דיקען אונפריינדליכען פּנים האָט ארויסגעקוקט דורכ'ן אָפענעם פענסטער און זעהענדיג, ווי ליזע קומט ארויס פון אויטאָמאָביל און מיינענדיג, אז זי איז א רייכע פּאַציענטין איז ער איהר געלאָפען אנטקעגען און זיך געפלייסט צו ווערן פריינדליך. ליזע האָט אָנגעקלונגען. דער זעלבער דיקער מאַן האָט איהר די טהיר געעפענט. זי האָט ארויסגענומען די אדרעס און ניט דרייסט געפרעגט:

— זוכט איהר אן אָפיס־מיידעל? . . .

דעם דענטיסטס פּנים איז נאָך ברוגז'ער געוואָרען ווי פריהער, שטעהענדיג ביי'ן פענסטער. ער האָט ליזען אָנגעקוקט מיט פערדאַכט און רוגזא, האָט ארויסגעקוקט צום גאַס, וואו עס איז ביים הויז געשטאַנען דער אויטאָמאָביל און טרוקען ארויסגעברומט:

— ניין! ניט אזא האָב איך געזוכט!

און איז אַהן א וואָרט מעהר צו זאָגען מיט רוגזא אָבער אויך מיט גרויסע זעלבסטשעצונג ארויף אויף די שטיגען...

ליזע איז א פערשעמטע ארויס און האָט זיך ווי נידערגעשלאָגען אריינגעזעצט צוריק אין אויטאָמאָביל...

דער אויטאָמאָביל האָט זיך שנעל געטראָגען איבער דער ברייטער עוועניו, אריינגעקירעוועט זיך נאָכהער אין די טומעלדיגע, רוישענדע סטריטען, אין דער ריכטונג וואו ליזע וואוינט.

דער שאָפער האָט איהר ענדליך געפרעגט וואו זיך אָבצושטעלען . . .

ליזע האָט אָנגערופען די סטריט און דעם נומער. דער שאָפער איז געווען בערייט זי אהין צו ברענגען. באַלד אָבער האָט זיך ליזע געבעטען:

— ניין! אהין פיהר מיך ניט! די מיסיס וועט אויך מיינען דאָסזעלבע ווי דער דענטיסט!

— וואוהין דען ווילסטו? — האָט דער שאָפער איהר פריינדליך געפרעגט . . .

— וואוהין? וואַרט, ד'וועל באַלד בעקלערען.

און זי האָט זיך פערטראַכט:

וואו זאָל זי דעם אויטאָמאָביל ווירקליך אָבשטעלען? אך, ווען ער וואָלט ניט געווען אזא פיינער, אזא גוטער און וואָלט זי געקידנעפּט, אוועקגעפיהרט זי ערגעץ וווייט אין דער וועסט, און געהאַלטען זי אין א חדר, געגעבען עסען און טרינקען...

— נו, וואו זאָל איך מיט דיר פאָהרען? האָט איהר דער שאָפער איבערגעריסען פון איהרע געדאַנקען...

— פיהר מיך... פיהר מיך צו א גרויסען דעפּאַרטמענט־סטאָר... צו א דעפּאַרטמענט־סטאָר.

און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען איינער פון די גרעסטע דעפּאַרטמענט־סטאָרס.

ליזע איז א וואַקלענדיגע אראָפּגעגאַנגען, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען און פערגעסענדיג צו בעדאַנקען דעם שאָפער איז זי אריין אין סטאָר און איז פערשוואונדען געוואָרען אין די פּיעלע לאַנגע אָבטיילונגען...

ק. זאלעווסקי

דער צאַר, די פּאָליאַקען און די אידען

נאָך'ן אויפשטאַנד פון 1863 איז די פוילישע פראגע ארונטער פון דער סצענע פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. פראנקרייך, וועלכע האָט פריהער זיך אַרומגעשפּיעלט מיט דער פראגע, האָט זיך איצט פערגעסען אן איהר. דער פערלוסט פון עלזאַס לאטרינגען האָט איהר געטריבען צו חברותא מיט דער רוסישער רעגיערונג, וועלכע איז די הויפּט־אונטערדריקערין פון פוילען. און פּלוצלינג האָט ניקאָלאַי דער צווייטער ווידער אַוועקגעשטעלט די פוילישע פראגע אויף דער טאַגעסאָרדנונג. אמת, ניט ער אַליין האָט אַרויסגעלאָזען דעם מאַניפעסט, ער האָט עס אנפערטרויט דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי, דעם גרויס־פירסט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. ניקאָלאַי איז גרויסמוטיג אין פערשפּרעכען — ער גיט אויטאָנאָמיע ניט נור רוסיש־פוילען, נור אויך פּוי־זען און גאַליציען, איבער וועלכע ער האָט נאָך דערווייל גאָר נישט צו זאָגען. אָבער וועגען גאַראַנטיען ניט אַ וואָרט — קיין סיים ווערט ניט געגרינדעט און, פרעגט זיך, ווי קען געמאָלט זיין אויטאָנאָמיע פאר פוילען, ווען רוסלאַנד האָט קיין קאָנסטיטוציע ניט און פינלאַנד איז ניט צוריקגעגעבען געוואָרען איהר זעלבסט־שטענדיגקייט און די אידען זיינען ניט גלייכבערעכטיגט געוואָרען ! . . . ווייטער איז אין מאַניפעסט אויסגעדריקט אַ וואונש, אַז די פּאָליאַקען פון זייער זייט זאָלען אויך אַכטען די רעכט פון יענע פעלקער, מיט וועלכע דער שיקזאַל האָט זיי פערבונדען . . . דאָס איז שוין גאָר טונקעל און קען פערשטאַנען ווערען פערשיעדען.

דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבען דעם מאַניפעסט, זעלבסטפערשטענדליך, מיט דעם צוועק אויפצואוועקען ביי די פּאָליאַקען ענטוזיאַזם פאר דער מלחמה און אויסנוצען דעם ענטוזיאַזם צו פערלייכטערן זיך דעם זיעג איבער דייטשלאַנד און עסטרייך און אָבצורייסען פון זיי זייערע פוילישע פּראָווינצען. נאָך מיט אַ פּאָאָר וואָכען צוריק האָט די רעגיערונג זיך אַרומגעאַמפּערט מיט די פּאָליאַקען וועגען דער פוילישער שפּראַך אין די פוילישע שטאָדט־פערוואַלטונג, אָבער איצט וואָס זאָל מען טהאָן ווען דאָס פוילישע פאָלק בעוואוינט דריי שכני'־שע מלוכות און זיינע סימפּאַטיען קענען זיין אַ טובה פאר דעם רוסישען אימפּעריאַליזם ? פערפאַלען, מוז מען דעם דאָזיגען פאָלק אַרויס־געבען אַ פּאָליטישען וועקסעל. אָבער מיר צווייפלען שטאַרק, צי צאַר ניקאָלאַי, וועלכער האָט דעם וועקסעל גע'חתמ'עט, האָט פערשטאַנען די לאָגישע קאָנזעקווענצען פון זיין האַנדלונג. לאָמיר פּראָבירען קלאָר מאַכען זיך די דאָזיגע קאָנזעקווענצען אין זייער שייכות צום צאַריזם, צו רוסלאַנד, צו פוילען, צו די אידען און צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

מיר מוזען צוגעבען, אַז דעם הויפּט־קאָמאַנדירס אַרויסטרעטען מיט'ן מאַניפעסט צו די פּאָליאַקען האָט גלייך אויפ'ן שטעל געהערט דעם ווערט פון דעם צאַר'ס אַקציעס אין דער איצטיגער מלחמה. לאָמיר אָנהויבען פון רוסיש־פוילען. די פוילישע בורזשואַזיע פאַרטייען האָבען שוין אויסגעדריקט דעם צאַר זייער טיעפסטע דאַנקבאַרקייט. זיי האָבען איהם געגלויבט אויפ'ן וואָרט. און דאָס איז אויך פערשטענדליך פון זייער שטאַנדפּונקט. די אידעע פון מאַניפעסט איז רוסלאַנד אונטערגעזאָגט געוואָרען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. עס איז אויך בעפּאָר אונטערהאַנדעלט געוואָרען מיט די פיהרער פון דער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ; דעם מאַניפעסט איז פאָר־אויסגעגאַנגען אַן ערקלערונג פון דמאָווסקי'ן — אין נאָמען פון אַלע דריי טיילען פון געוועזענעם פוילען־לאַנד, אַז זיי זיינען אַלע גרייט אַקטיוו צו העלפען רוסלאַנד. זעלבסט־פערשטענדליך, אַז די דאָזיגע גרייטקייט — וואָס שייך די מאַיאָריטעט בעפעלקערונג פון רוסיש און פּרייסיש־פוילען און די גאַנצע פוילישע בעפעלקערונג פון גאַליציען — אַז די דאָזיגע גרייטקייט איז פערשפּראָכען געוואָרען אָהן דער צושטימונג פון פעראינטערעסירטען צד.

דער בונד פון דער רוסיש־פוילישער בורזשואַזיע מיט'ן צאַריזם איז געבויט אויף אַ פעסטען פונדאַמענט. די רוסישע רעגיערונג, נאַטירליך, אויס אייגענע אינטערעסען, האָט אָבגעצאַהמט רוסיש־פוילען פון דייטשלאַנד און עסטרייך מיט אַ מויער פון הויכע טאַריפען און האָט איהר פון דער אַנדער זייט פערבונדען מיט אַ גאַנצען נעץ פון אייזענבאַהנען מיט די ווייטסטע ווינקעלאַך פון רוסלאַנד. דורך דעם האָט דער פוילישער האַנדעל און אינדוסטריע בעקומען אַ געוואַלדיגען שטויס פאָרווערטס. די בורזשואַזיע האָט זיך אָנגעשאָטען מיט קאַפּיטאַל. פאר דער אינטעליגענץ האָט זיך געעפענט אַ ברייט פעלד פון טהעטיגקייט. און שוין אָנהויבענדיג פון די 80ער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען אַלע פוילישע פאַרטייען זיך גענומען ביסלעכווייז אָבזאָגען פון זייער

אַמאָליגען טרוים וועגען פּוילישער אונאבהענגיגקייט. דאָך, ביז'ן מאַניפעסט פון 17טען אָקטאָבער, האָט די פּוילישע בורזשואזיע נאָך אַלץ געלאָזט הערען פון צייט צו צייט שוואַכע פּראָטעסטען געגען נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אָבער נאָך'ן מאַניפעסט האָט די פּוילישע בורזשואזיע אויסגעשטרעקט אַ האַנד דעם צאַריזם און האָט זיך גענומען ענערגיש בעקעמפּפען די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג. איהר פיהרער דמאַווסקי האָט אָפען ערקלערט: „לאָמיר בעווייזען דער רעגיערונג, אַז מיר קענען מיט אייגענע כוחות בייקומען די פּוילישע אַנאַרכיע, וועט זי אונז געבען אויטאָנאָמיע". שפּעטער, ביי די וואהלען צו דער דריטער דומע, האָט ער זיך בעריהמט פאַר זיינע וועהלער: „מיר האָבען אַלץ געטהאָן צו אונטערדריקען די אַנאַרכיע, מיר האָבען זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט פאַר פערגיסען ברודער־בלוט", און גאָר ניט לאַנג צוריק האָט ער זיך מודה געווען אין אַ שפּיאָנסקע שטיקעל אַרבייט—סוף יאָהר 1905 האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די פּוילישע רעוואָלוציאָנערען נאַציאָנאַליסטען ערווארטען געלד־הילפע פון יאַפּאַן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ פּוילישען אויפשטאַנד. האָט ער זיך ניט געפוילט און איז אַוועק קיין יאַפּאַן און האָט צושטערט דעם גאַנצען פּלאַן. אָבער אפילו געמיינער פערראַט, האָט דער צאַריזם געהאַלטען, איז אַ צו נידריגער פּרייז פאַר פּוילישער אויטאנאמיע. און ווייטער, ווען מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט זיך פערשאַרפט דער קאָנפליקט צווישען דער בעדייטענד שוין אויסגעוואקסענער פּוילישער בורזשואזיע און דער אידישער בורזשואזיע, האָבען די שטימען פון די פּוילישע בורזשואזע פּאָליטיקער זיך צונויפגעגאָסען מיט די שטימען פון די פּורישקעוויטשעס און אַנדערע שוואַרצע־מאה'ניקעס אין איין אנטיסעמיטישע העצע. דמאווסקי און קאָ. האָבען געמעלדעט דער רוסישער רעאקציע: מיר ווילען צוזאַמען אָנפאַלען אויף די אידען, און איהר גיט אונז דערפאַר פּוילישע אויטאָנאָמיע.

אָבער דאָס האָט אויך ניט געווירקט. און ווען עס האָט זיך בעוויזען דער געשפּענסט פון מלחמה — פון אַ מלחמה צווישען רוסלאַנד און עסטרייך — האָט די פּוילישע בורזשואזיע ווידער מיט דמאַווסקי'ס מויל פערשפּראָכען שטיצע אין מלחמה אין אויסטויש אויף אויטאנאמיע, אָבער דער צאַריזם איז ערשט איינגעגאַנגען אויפ'ן האַנדעל מיט דריי יאָהר שפּעטער, ווען דייטשלאַנד האָט פערנומען קאַליש און טשענסטאכאוו, און עסטרייך האָט פערנומען קיעלץ, ווען אין דרום פּוילען האָט אַ גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג אַרויסגעצייגט אָפען זיינע סימפּאַטיען מיט עסטרייך. און ווען די פּוילישע בורזשואזיע האָט דערזעהן, אַז דער געשעפט איז געשלאָסען, איז זי אַריין אין התפּעלות, און צוזאַמען מיט איהר אויך די אינטעליגענץ, און ערטערווייז און טיילווייז אויף די פאָלקסמאַסען. צווישען די דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען אַוועקגעפיהרט דעם פּוילישען דאַנק אין פּעטערבורג, זיינען אויך געווען עטליכע, וואָס זיינען נאָך גאָר ניט לאַנג געווען פאַר דעם, אַז רוסיש־פּוילען זאָל צושטעהן צו עסטרייך.

אָבער די פּוילישע אַרבייטער, ניט אויסגענומען אויך יענע צעהנדליגע טויזענדער, וועלכע זיינען איצט, אונטער דעם דרוק פון געוואַלט, אַוועק אין מלחמה, וועלען קיינמאָל ניט מוחל זיין דעם צאַריזם די פיעלע פערברעכענס, וואָס ער איז בעגאַנגען אין פּוילען. געגען זיי זיינען די פערברעכענס בעגאַנגען געוואָרען. זיי וועלען איהם ניט מוחל זיין די קרבנות פון דער לעצטער רעוואָלוציע — 1000 הינגעריכטעטע, איבער 100 טויזענד, וואָס קוועלען זיך נאָך עד היום אין די געפענגניסע, סיביר און אויף קאַטאַרגע; זיי וועלען איהם ניט מוחל זיין די צעהנדליגע פערמאַכטע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, בילדונגס־געזעלשאַפטען, קאָאָפּעראַטיוועןן, די ברוטאַלע אונטערדריקונג פון יעדער סאָרט זעלבסטהעטיגקייט. וועגען ענטוזיאזם ביי די סאָלדאַטען פון דער פאָלקסמאַסע קען קיין רעדע ניט זיין.

אין פּרייסיש־פּוילען האָט דער מאַניפעסט אָהן צווייפעל אַרויסגערופען סימפּאַטיען צו רוסלאַנד ביי דער פּוילישער מאַסע. דער שווערער יאָך פון פּרייסישען יונקערטום האָט בוכשטעבליך פּאַראַליזירט די עקאָנאָמישע און קולטורעלע ענטוויקלונג פ'ין דיעזען לאַנד. די רעגיערונגס־הילפע פאַר דייטשער קאָלאָניזאַציע, דאָס געזעץ פון געצוואונגענעם אויספערקויף פון דעם לאַנד פון די פּוילישע גוטסבעזיצער, די פערפאָלגונג פון דער פּוילישער שפּראַך, די גערמאַניזאַטאָרישע טהעטיגקייט פון די פּוילישע גייסטליכע, וועלכע האָבען נאָך געווילדעוועט ערב דער מלחמה — דאָס אַלץ האָט די פּאָליאַקען געמאַכט פאַר די ביטערסטע שונאים פון פּרייסען. די פערשפּרעכונגען פון ווילהעלם דעם 2טען און די אויפפאָדערונג פון זיין לאַקיי דעם ערצבישאָף פון גניעזנע האָבען געקלונגען ווי אַ געלעכטער. די פּרייסישע פּאָליאַקען זיינען מעהר גענייגט צו גלויבען דעם רוסישען צאַר, ווי דעם פּרייסישען קעניג. אונטער דעם יאָך פון רוסישען צאַר האָט רוסיש־פּוילען, טראָץ אַלע גרויזאמקייטען, אויפגעבליהט קולטורעל און עקאָנאָמיש. און רוסלאַנד איז דאָך נאָך אין דער פּעריאָדע פון בענייאונג, וועלכע מוז דאָך אַזוי צו אַזוי אין גיכען זיך פערענדיגען מיט דער אָבשאַפונג פון זעלבסטהערשאַפט.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז אין עסטרייכישען פּוילען (גאַליציען). דאָרט געניסען די פּאָליאַקען שוין לאַנג אויטאָנאָמיע. אין מערב־גאַליציען הערשט אין די שולען און אָפיציעלע קאַנצעלאַריעס די פּוילישע שפּראַך אָהן שום קאָנקורענץ. אין מזרח־גאַליציען טיילט דעם כבוד

מיט איהר די רוטענישע שפּראַך. נאָך אין
1912 האָט זיך אין קראַקוי געבילדעט די אַזוי
גערופענע „ציטוווייליגע קאָמיסיע“, וועלכע האָט
זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו לערנען די
בעפעלקערונג מיליטערישע קונסט, כדי אָנצו־
גרייטען אַן ארמיי צו פערכאַפּען רוסיש־פּוילען
פאַר עסטרייך. אין דער קאָמיסיע זיינען פער־
טרעטען געווען די פּוועריטיע, בירגערליך־דעמאָ־
קראַטישע, פּראָגרעסיווע, סאָציאַלדעמאָקראַטישע
פּאַרטייען און אויך די „פּראָנדע פון די נאַציאָ־
נאַלדעמאָקראַטען“ (אַריסטאָקראַטישע אויך־מיר
רעוואָלוציאָנערען) און די „רעוואָלוציאָנערע
פראַקציע פון פּ. פּ. ס.“ פון רוסיש־פּוילען. מיט
איהר האָבען זיך ערנסט געקעבענט אויף די
איבריגע גאַליצישע פּאַרטייען. אין דער שפּיץ
זיינען געשטאַנען צוויי דעפּוטאַטען דאַנילעווו־
סקי און דער מאַלער טעטמייער. ערב דער איצ־
טיגער מלחמה האָט זיך אין לעמבערג געבילדעט
אַ רוטענישער קאָמיטעט — מיט דעם צוועק צו
פעראייניגען די רוסישע אוקראַינע (קליין־
רוסלאַנד) מיט עסטרייך — אונטער דער פיה־
רערשאַפט פון בעוואוסטען אַדוואָקאַט קאָסט־
לעוויצקי, דעם אַלטען ראַדיקאַל פּאַוולִיק, אַ
פריינד פון מאַלאַראָסישען פריידייטס־קעמפּפער
דראַגאָמאַנאָוו, און דעם סאָציאַליסט גאַנקע־
וויטש. די מעסיג ליבעראַלע ציטונג „דילאָ“
מיט נאָך אַנדערע ציטונגען האָבען אָנגעבאָטען
דעם קאָמיטעט זייער הילפע. (די אַזאַ גערופענע
„מאָסקוואָפילען“ האָבען קיינמאָל קיין איינפלוס
ניט געהאַט אויף דער בעפעלקערונג. איצט ווען
זייערע פיהרער זיינען פערשפּאַרט אין דער לי־
נעצקער פעסטונג, זיינען זיי אין גאַנצען דעז־
אָרגאַניזירט). ווי עס איז צו זעהן פון די לעצטע
נומערן פון די ליבעראַלע ציטונגען פון גאַלי־
ציען האָט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש'עס ווענדונג
צו די גאַליצישע רוטענער נאָך מעהר זיי אויפ־
געבראַכט געגען רוסלאַנד, ווייל דער רוסישער
הויפּט־קאָמאַנדיר הויבט זיך ניט אָן צו רעכענען
מיט זייערע ספּעציעלע אינטערעסען, אַלס בע־
זונדערע נאַציאָן. און די ערָאָבערונג פון לעמ־
בערג מיינט נאָך ניט די ערָאָבערונג פון מזרח־
גאַליציען אפילו. דער רוסישער ארמיי קומט
אויס צו קעמפּפען אין אַן אַטמאָספּערע פון ברע־
נענדען האַס. דאָס איז דער פּאָרלויפיגער פּועל
יוצא פון דעם מאַניפעסט וועגען דער אויטאָנאָ־
מיע פון פעראייניגטען פּוילען. און וואָס קען
זיין דער וויטערער פּועל יוצא?

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די רוסישע רע־
גירונג קלייבט זיך לויט איהר מנהג, אָבצונאַ־
רען אויפ'ן שענדליכסטען אופן דאָס פּוילישע
פאָלק. אָבער ווען דאָס פעראייניגטע פּוילען
זאָל טאַקע ווערן אַ רוסישע פּראָווינץ, וועט זי
בשום אופן איהר פערשפּרעכען ניט קענען צו־
ריקציהען. עס וועט איהר אויך ניט העלפען
די דיענסטפערטיגקייט פון אַזעלכע אַגענטען
איהרע ווי דמאָווסקי און זיינע פּאַרטיי־חברים.

נאָך מעהר: דער מאַניפעסט האָט פער־
וואַנדעלט די פּוילישע פראַגע אין אַ פראַגע פון
אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. און די קינפ־
טיגע פריעדענס־קאָנפערענץ וועט זיך מוזען
פערנעהמען מיט דער פּוילישער פראַגע. ווי
בערנאַרד שאָו האָט גאַנץ ריכטיג אָנגעוויזען אין
„דעילי ניוס“ — איז ניט נור דאָס זיעגרייכע
דייטשלאַנד, נור אויך דאָס זיעגרייכע רוסלאַנד
אַ מורא'דיגע געפאַהר פאַר דעם אינטערנאַציאָ־
נאַלען פריעדען. ווען דאָס דייטשע און עסטריי־
כישע פּוילען זאָלען טאַקע ווערן טיילען פון רוס־
לאַנד, וועט דאָס נאָך מעהר פערשטאַרקען די
פּאַנסלאַוויסטישע טענדענצען אין רוסלאַנד און
שאַפען ברענשטאָף פאַר אַ רייהע נייע אינטער־
נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען. שוין דערפאַר אַליין
וועלען ענגלאַנד און פראַנקרייך אויס גוט פער־
שטאַנענע אייגענע אינטערעסען זיך מוזען איינ־
שטעלען פאַר אַ וואָס ברייטערע אויטאָנאָמיע
פון פּוילען.

די גינסטיגסטע לייזונג פון דער פראַגע
פאַר אייראָפּאַ וואָלט געווען, אַז דאָס פעראיי־
ניגטע פּוילען זאָל ערקלערט ווערען פאַר אַ
נייטראַלע מלוכה. אָבער עס איז שווער צו
גלויבען, אַז אויף דער קינפטיגער פריעדענס־
קאָנפערענץ זאָל דאָס פערהעלטניס פון די כוחות
זיין פּונקט צוגעמאָסטען פאַר אַזאַ לייזונג. וואָ־
רים פראַנקרייך פאַלט אריין מיט יעדען טאָג
אַלץ מעהר אין אָבהענגיגקייט פון צאַריזם און
דער זיעגרייכער מאַרש פון דעם רוסישען חיל
אין עסטרייך וועט אויפוועקען נאָך שטאַרקערע
רעאַקציאָנערע שטרעבונגען אין רוסלאַנד גופא.
דאָס וואַהרשיינליכסטע וועט זיין, אַז פּוילען
וועט זיך פעראייניגען אַלס פּראָווינץ פון רוס־
לאַנד, מיט ברייטער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע.

מען דאַרף אויך נעהמען אין בעטראַכט, אַז
די פערשטאַרקונג פון רוסלאַנד וועט טרייבען
די אַנדערע אייראָפּאַאישע מלוכות צו אַרבייטען
דערפאַר אַז רוסלאַנד זאָל וואָס מעהר דעמאָ־
קראַטיזירט ווערען. שוין דער מאַניפעסט אַליין
וועגען פּוילישער אויטאָנאָמיע איז אַ ברוך מיט'ן
ביוראָקראַטיש־צענטראַליסטישען פּרינציפּ, לויט
וועלכען רוסלאַנד ווערט נאָך עד היום רעגירט.
און די פערווירקליכונג פון דעם פערשפּרעכען
וואָלט אַרויסגערופען אַ בעוועגונג פאַר אויטאָ־
נאָמיע ביי אַלע אַנדערע נאַציאָנען, וואָס בע־
וואוינען רוסלאַנד, עס וואָלט אויך פערשטאַרקט
די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען ביי דער רוסי־
שער פאָלקסמאַסע גופא. און די רוסישע רעגירונג
וועט געצוואונגען זיין צו געהן נאָך וויטער
אויף דעם וועג פון דעמאָקראַטיזירונג. דער
דרוק פון דרויסען און פון אינווייניג וועט איהר
ניט לאָזען זיך אָבשטעלען.

וואָס דאַרף זיין די שטעלונג פון דער אידי־
שער דעמאָקראַטיע בכלל און פון דער אידישער
סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בפרט?

זיי דאַרפען זיך נאָך ענגער פערקניפּען מיט

דער אַלרוסישער בעפרייאונגס־בעוועגונג, זיי דארפען זיך שוין איצט נעהמען אין נאָמען פון דעם בעגייטען און בעפרייטען רוסלאנד פאר דער פראפאגאנדא פון זייערע אייגענע פאָדערונגען. פאר די אינטערעסען פון אידישען פראָלעטאריאט און פון די אידישע פאָלקס־מאסען איז די פעראייניגונג פון פוילען, אלס אויטאָנאָמע פראָווינץ פון רוסלאנד, נאָך מעהר ווי געוואונשען. דאָס וועט אונטערגראבען דעם פונדאמענט פון יענער ביוראָקראטישער געביידע, וועלכע האָט געדריקט מיט איהר גאנצער שווערקייט אויפ׳ן אידישען פאָלק. ווייטער, די פעראייניגונג פון אלע דריי טיילען פון פוילען־לאנד וועט גאנץ בעדייטענד פערשטאַרקען דעם אידישען עלעמענט. דאָס אלץ וועט פערלייכטערן די אידישע מאסען זייער בעפרייאונגס־קאמפף, זייער קאמפף פאר קולטורעל־נאַציאָנאַלע אויטאנאמיע. און א חוץ דעם זיינען די אידישע פאָלקס־מאסען אין רוסלאנד, וועלכע ווערען געשטיקט און געדריקט פון דער רוסישער און פוילישער רעאקציע, פעראינטערעסירט אין דער פוילישער אויטאנאמיע, אלס א מיטעל דורכצופיהרען א גרינדליכע קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרם פון גאנצען רוסישען רעזשים, וואָס וועט זיי געבען די פולע גלייכבערעכטיגונג סיי אין רוסלאנד און סיי אין פוילען.

כאָטש רוסלאנדס נצחונות וועקען ווידער אויף די אונגעזונדע הלומות פון די רוסישע רעאקציאָנערען, דאָך דער פאקט אליין, וואָס דער צאריזם האָט געמוזט ענדערן זיין שטעלונג צו פוילען, איז שוין א בעוויז, אז אפילו די מאָדערניזירטע זעלבסטהערשאפט איז אויך אויסגעשפיעלט סיי אין דער אינערער, סיי אין דער אויסערער פאָליטיק; דער מאניפעסט פון גענעראליסימוס איז אן אקט פון זעלבסטליקווידאציע.

און די סאָציאל־דעמאָקראטען און איבערהויפט די דעמאָקראטישע עלעמענטען אין רוסלאנד דארפען ניט קוקענדיג אויף די איצטיגע שווערע בעדינגונגען גלייך זיך נעהמען פאר דער מאָביליזירונג פון זייערע קרעפטען, כדי אימשטאנד צו זיין אויסצונוצען דעם גינסטיגען מאָמענט, וואָס קען באלד קומען, פאר דעם נצחון פון דער דעמאָקראטיע און פאר דער בעפרייאונג פון די אונטערדריקטע נאציאָנען.

יוסף יפה

נקמה

פינסטער פאַר די אויגען
כ׳זעה פאַר זיך די וועלט ניט:
ווילסט מיך מעהר נישט האָבען,
וויל איך האָב קיין געלד ניט. —

האָב איך נישט קיין נדן,
וועל איך עס נאָך האָבען,
און דו וועסט פאַר חרפּה
וועלען זיך בעגראָבען.

געה איך אין די גאַסען,
געה איך מיך פערקויפען —
ברענג איך יעדען מאָרגען
זילבער־געלד א הויפען;

קויף איך זיעבען טעפּ מיר
נישט פאַר קאָכען גרויפען,
נור פאַר קלייבען נדן
זיעבען טעפּ מיט קויפען.

אַז זיי ווער׳ען פולע,
קען איך דאַן דיך קויפען;
כ׳שיק צו דיר אַ שדכן,
קומסט דו שנעל צו לויפען.

צייג איך דיר מיין רייכטהום:
„זעהסט, כ׳בין מעהר נישט אָרעם?“
וואַרפסט דו אויף די קניע זיך,
דרעהסט זיך ווי אַ וואָרעם.

נעהם איך אַ טאָפּ זילבער,
וואַרף איך עס אין קאָפּ דיר;
„האָסט עס האָלד, געליעבטער?
קלייב צונויף און האָב דיר.“

אָבער איך וועל קיינמאָל
ווערען, הונד, דיין כלה —
כ׳בין געוועזען פאַר דיר נור,
איצט בין איך פאַר אַלע!

פיליפ קראַנץ

אינטערעסען און סענטימענטען אין היינטיגען וועלט־קריעג

וואָס מעהר איך קלער וועגען די אורזאַכען פון דעם היינטיגען וועלט־קריעג, אַלץ מעהר קום איך צום שלוס, אַז זיי ליעגען פיעל טיעפער און שטאַרקער אין סענטימענטען איידער אין אינטערעסען. יאָ, די אורזאַכען פון דיעזען קריעג, דעם גרעסטען זייט מענשען פיהרען מלחמות און האָפענטליך דעם לעצטען אויף אונזער זינדיגער ערד, זיינען מעהר נאַציאָנאַל־סענטימענטאַלע איידער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס שטימט גאָר ניט מיט דער אנגענומענער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער תורה, מיט דער גאַנצער „מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע“; אָבער איך מוז זיך רעכענען מיט פאַקטען און מוז קומען צו אַזאַ „אפיקורסישען“ שלוס. ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק האָב איך אויך געגלויבט באמונה שלמה, ווי אַן עכטער אָרטהאָדאָקסישער מאַרקסיסט, אַז אַלע מלחמות פון דער נייער צייט זיינען געווען דער רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע אורזאַכען, — וואָס מען רופט האַנדעלס־מלחמות. ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אויסצודריקען דיזען פעסטען גלויבען אין אַרטיקלען, אין וועלכע איך האָב געבראַכט פערשיעדענע ארגומענטען דאָס צו בעווייזען דעם לעזער. איך האָב אַלץ גע'טענה'ט צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אַז די היינטיגע מלחמות זיינען קאָמערציעלע און ווערן געפיהרט ספּעציעל צוליעב מאַרקעטס. איך קען ניט זאָגען, אַז דעם דאָזיגען גלויבען האָב איך היינט שוין אין גאַנצען פערלאָרען; אָבער אַן אפיקורס בין איך געוואָרען, ווען איך האָב גענומען פאָרשען מיט אָפענע און קריטישע אויגען די שטעלונג פון די פעלקער גופא צו דעם גאַנצען מאָדערנעם מיליטאַריזם און צו דעם זאָגענאַנטען „בעוואַפענטען פריעדען“, ווי אויך בכלל די ראָלע פון געפיהלען, פון סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען, אין דער וועלט־פּאָליטיק, אין די בעציהונגען צווישען נאַציאָנען; און מיין אפיקורסות ווערט אַלץ שטאַרקער, ווען איך זעה, ווי מורא'דיג די מאָרד־פּאַטריאָטישע שטראָמען האָבען זיך צוגאָסען איבער גאַנץ אייראָפּאַ.

אויף דער צופאַל, טאַקע דער קאַפּריזנער צופאַל, שפּיעלט אַ פיעל גרעסערע ראָלע אין דעם שיקזאַל פון נאַציאָנען, אין דער וועלט־געשיכטע, ווי דאָס קען זיך אויסדרוקען פון ערשטען בליק. אויף די געדאַנקען קומט מיר דאָ אַרויף די טיעפזיניגע בעמערקונג פון בלעיז פּאַסקאַל, וועלכער מעג גערעכענט ווערן פאַר דעם גרעסטען זשעניע וואָס די וועלט האָט ווען געהאַט: „ווען דאָס נעזעלע פון קלעאָפּאַטראַ וואָלט געווען קירצער, וואָלט די קאַרטע פון דער וועלט געווען אַנדערש“. און איך טראַכט: וואָס וואָלט געוואָרען למשל פון קריסטענטהום, ווען יוליאַן דער אַפּאָסטאַט, דיעזער מערקווירדיגער צעזאַר פון דער רוימישער אימפּעריע, וועמען די קריסטליכע קירכען האָבען פערשאָלטען פאַר זיין ליעבע צו דער גריכישער פילאָזאָפיע און נייגונג צום „געצענדיענסט“, וואָלט ניט געפאַלען יונגערהייט אין אַ שלאַכט דורך אַ צופאַל און וואָלט געבליעבען זיצען אויפ'ן טראָן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ פּאָאָר צעהנדליג יאָהר? איך טראַכט ווייטער: ווי וואָלט געווען די געשיכטע און ווי וואָלט די קאַרטע פון אייראָפּאַ אויסגעזעהן, ווען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער וואָלט געטראָפען געוואָרען פון אַ קויל אין איינער פון די ערשטע שלאַכטען, וועלכע ער האָט געפיהרט אַלס גענעראַל אין איטאַליען? עס קען טאַקע זיין, אַז די רעאַקציע געגען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן וואָלט געפיהרט צוריק צו אַ מאָנאַרכיע אָדער אַן אימפּעריע אין פראַנקרייך אין אָנפאַנג פון לעצטען יאָהרהונדערט; אָבער אַזאַ אימפּעריע ווי די נאַפּאָלעאָנישע וואָלט מען דאָך זיכער ניט געהאַט אָהן אַ נאַפּאָלעאָן.

און דאָ בעטען זיך יעצט אַזעלכע פראַגען: וואָלט עס טאַקע געקומען דיעזעס יאָהר צו אַ וועלט־קריעג, ווען דער יונגער סערבישער פּאַטריאָט אין סאַראַיעוואָ וואָלט גראַדע ניט געטראָפען אַזוי ריכטיג, איינפאַך וואונדערבאַר אין ציעל און וואָלט ניט געטויט דעם עסטרייכישען קרוינפּרינץ מיט זיין פרוי צוזאַמען; אָדער ווען אויף דעם טראָן פון דער דייטשער אימפּעריע וואָלט ניט געזעסען אַזאַ פערקאָכטער מיליטאַריסט און יונקער ווי ווילהעלם?

מיינט ניט, לעזער, אַז דאָס זיינען סתם פראַגען, עפּעס בטלנישע שאלות. ניין, זיי האָבען אַ זעהר גרויסע און טיעפע בעדייטונג אין דער געשיכטע. זיי צייגען יעדענפאַלס, אַז אפילו אין די גרעסטע וועלט־פּאַסירונ־

גען שפּיעלען אַ ראָלע ניט נור סימפּאַטיען און אנטיפּאַטיען פון פעלקער און כאַראַקטערען פון די אָנפיהרער, פון לייטענדע פּערזאָנען, זאָנדערן אויך קאַפּריזען פון שיקזאַל, גאַנץ געוועהנליכע צופעלע.

* * *

לאָמיר זיך דאָ אַרומקוקען מיט אָפענע אויגען, אָהן שום טהעאָרעטישע ברילען. וואָס זעהען מיר צוערשט אין דיעזער שרעקליכער מלחמה צווישען די גרעסטע נאַציאָנען פון אייראָפּא, בעזאָנדערס טאַקע צווישען דייטשלאנד און ענגלאַנד, אלס די אָנפיהרענדע און וויכטיגסטע? אַלץ סענטימענטען און סענטימענטען, מיט וואָס פאַר בעזונדערע נעמען מען זאָל דאָס ניט אָנרופען.

אַנאַליזירט פריהער אייערע אייגענע געפיהלען, לעזער, טיעפט זיך אַריין אין אייער אייגענער נשמה. געוויס בלייבט איהר ניט גלייכגילטיג צו די רעזולטאַטען פון דיעזער מלחמה. איהר האָט דאָך נאַטירליך אייערע מיינונגען, אייערע סימפּאַטיען און אנטיפּאַטיען; איהר סימפּאַטיזירט מיט דייטשלאַנד אָדער מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך. אָבער זוכט די ספּרונגדזשינעס פון דיעזע סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען אייערע. פרעגט ביי זיך אַליין: וואָרום ווינש איך גראָדע, אַז געווינען זאָל דייטשלאַנד און ניט ענגלאַנד, אָדער פערקעהרט? וואָס אייגענטליך בעוועגט מיך דאָ אויף איין זייט אָדער אויף אַן אנדערער? זיינען דאָס דען מיינע עקאָנאָמישע נוצען אָדער פערלוסטען, מיינע מאַטעריעלע אינטערעסען? אָה, ניין! איהר וועט וואהרשיינליך אנקוקען מיט ערשטוינען איינעם, וועלכער וועט אייך שטעלען אַ פראגע וועגען אייערע פּערזענליכע נוצען. וואָס הייסט מיינע עקאָנאָמישע אינטערעסען? וועט איהר דערלאַנגען אַ פרעג צוריק, וואָס האָב איך דאָ פּערזענליך צו געווינען אָדער צו פערלירען, אויב דייטשלאַנד וועט זיעגען אָדער בעזיעגט ווערען?

נור אַזאַ פראגע וועט אייך פון דעסטוועגען אַרויפברענגען אויף דעם געדאַנקען, אַז איהר ווערט דאָ געפיהרט און בעהערשט פון געוויסע סימפּאַטיען, אַנטיפּאַטיען און בכלל סענטימענטען, וואָס האָבען געוועהנליך ניט צו טאָן מיט עקאָנאָמישע פראגען, מיט ריינע מאַטעריעלע אינטערעסען. דענקט טאַקע נאָך וועגען דעם.

מען פערזיכערט, אַז די מאַיאָריטעט פון רוסיש־פּוילישע אידען אין יונייטעד סטייטס סימפּאַטיזירען אין דיעזער מלחמה מיט דייטשלאַנד? ווארום איז עס אָבער אַזוי? איז עס צוליעב זייער־ע עקאָנאָמישע אינטערעסען? ניין. איז עס צוליעב זייער ליעבע צום דייטשען פאָלק? אויך ניט. ווארום דאָך? אָה, אויס האַס צו רוסלאַנד, ריכטיגער גערעדט, צו דער רוסישער רעגיערונג. זיי רעכענען, אַז ווען רוסלאַנד וועט זיעגען צוזאַמען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועט די צאַרסקע טיראַניי שטאַרקער ווערען און פאָלגליך וועט די לאַגע פון אונזערע ברידער אין דער רוסישער אימפּעריע נאָך ערגער ווערען.

פון דער אַנדער זייט, די אידען און בכלל אַזעלכע, וואָס סימפּאַטיזירען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווערען אויך ניט בעאיינפלוסט פון עקאָנאָמישע אינטערעסען, נור פון סענטימענטען. זיי גלויבען, אַז ווען דייטשלאַנד וועט בעזיעגט ווערען, וועט קומען אַ סוף צו דער רעקרוטשינע, צום דריקענדען מיליטאַריזם, און די רעדער פון פּראָגרעס וועלען זיך בכלל האַסטיגער דרעהען.

* * *

אָט בעטראַכט די אַמעריקאַנער נאַציאָן. יעדער איינער ווייס, אַז אין דיעזער מלחמה סימפּאַטיזירט זי שטאַרק, מערקווירדיג שטאַרק מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס זי האָט איינגעשלונגען אין זיך אַזוי פיעל מיליאָנען דייטשע עמיגראַנטען און וואָס זי שעפּט אויך היינט אַזוי פיעל פון דער דייטשער קולטור.

וואָס זיינען די אורזאַכען פון דיעזע סימפּאַטיען צו ענגלאַנד? עקאָנאָמישע? ניין, ווייל ווען די אַמעריקאַנער וואָלטען דאָ געוועזען בעהערשט פון מאַטעריעלע אינטערעסען, פון קאָמערציעלע רעכנונגען וועגען מאַרקעטס, ווי פיעלע אידען מיט סאַמפּאַטיען צו דייטשלאַנד מיינען עס, וואָלטען זיי בעדאַרפט גיכער זיין אויף דער זייט פון דייטשלאַנד, ווי אויף דער זייט פון ענגלאַנד. די גרעסטע האַנדעלס־נאַציאָן מיט די גרעסטע קאָלאָניעס און מיט דער גרעסטער פלאָטע איז דאָך אַלץ די ענגלישע. אויסערדעם האָט דאָך דזשאָהן בול פערנומען מעהר טעריטאָריע אין דער נייער וועלט אַפילו פאַר אָנקעל סעם. ווי לאַנג איז עס, אַז די בעוועגונג אין יונייטעד סטייטס צו פערבינדען זיך מיט קענעדע האָט אויפגעהערט און ווער קען עס פאָראויסזאָגען, אַז זי וועט ניט ווידער אַמאָל אויפלעבען?

עס איז גענוג צו שטעלען זיך אַזאַ פראגע, אום צו קומען צום שלוס, אַז די סימפּאַטיען און אנטיפּאַטיען פון אמעריקאנער פאָלק אין דער היינטיגער אייראָפּעאישער מלחמה האָבען ניט צו טאָן מיט „מאַרקעטס“, מיט ריינע עקאָנאָמישע פראגען און קרעמערשע רעכנונגען בכלל, נור טאַקע מיט געפיהלען און אידעען, ספּעציעל מיט אַ האַס צום פּרייסישען מיליטאַריזם, מיט אַ שרעק פאַר די צוקונפט פון פרייהייט און דעמאָקראַטישע פיהרונגען, אויב דייטשלאַנד וועט פיהרען די וועלט.

אַזוי ווערט עס אויסדריקליך ערקלערט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, וועלכע רעפלעקטירט

אין דיזען פאַל די סענטימענטען פון פאָלק. זעלטען ווען מען זאָגט גאָר א וואָרט וועגען מאַרקעטס און דייטשע קאָנקורענץ. אלע דריקען אויס די זעלבע מיינונגען וועגען די געפאַהרען פון אַ דייטשען זיעג פאַר די פרייהייט, פאַר די ציוויליזאַציאָן.

ווען די אַמעריקאנער ריידען יעצט וועגען מאַרקעטס, וועגען פערשפּרייטען זייער אויסלענדישען האַנדעל ספּעציעל אין זיד־אַמעריקא, האָבען זיי אייגענטליך ניט אין זינען ספּעציעל דייטשלאַנד אָדער אירגענד וועלכע אַנדערע האַנדעלס־נאַציאָן בעזונדער. זיי מיינען פּשוט צו בענוצען זיך מיט דער געלעגענהייט, וואָס די מלחמה אין אייראָפּא גיט זיי, צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון זייערע אייראָפּעאישע קאָנקורענטען אין בראַזיליען, אַרגענטיניען און ז. וו. (און אויך דאָרטען פערנעהמט ענגלאַנד דעם ערשטען פּלאַץ אין אויסלענדישען האַנדעל, ניט דייטשלאַנד), אָבער מיט זייערע מיינונגען און סענטימענטען אין דער מלחמה גופא האָט עס קיין שייכות ניט.

* * *

איבערהויפּט איז עס ניט לייכט צו ערקלערן, וואָרום ניט נור אַן איינצעלנע פּערזאָן קריעגט געוויסע סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען, זאָנדערן אפילו א גאַנץ פאָלק. מיר קענען זיך דאָך אָפט גאָר ניט אָבגעבען אַ רעכנונג, וואָרום מיר האָבען איין זאַך ליעב און די אַנדערע פיינט. מאַנכעסמאַל ווערן מיר בעהערשט פון אונזערע געפיהלען געגען אונזער אייגענעם ווילען.

געוויסערמאַסען איז עס אויך אַזוי מיט נאַציאָנען. יעדער איינער בעזונדער קען זיך גאָר ניט אָפּגעבען אַ רעכנונג, וואָרום זיין פאָלק איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַ קריעג; אָבער אַלע צוזאַמען ווערן אין אַזאַ צייט בעזעעלט מיט אַ געוויסען נאַציאָנאַלען געפיהל, מיט אַ וויסטען מאָרד־פּאַטריאָטיזם. דאָ ווירקט אַ היפּנאָטיזירענדע קראַפט.

דאָס ווייזט זיך טאַקע ארויס בעזאָנדערס בולט אין דעם היינטיגען וועלט־קריעג. מיר זעהען דאָך, ווי אפילו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער און די גרעסטע פילאָזאָפען, געלעהרטע און שריפטשטעלער זיינען מיטגעריסען געוואָרען פון די געוואַלדיגע פּאַטריאָטישע שטראָמען.

ווען מיר שטעלען די פראַגע: וואָס פאַר אן אינטערעס (מיינענדיג דערביי נאַטירליך אַ מאַטעריעלען נוצען) האָט אַ פויער, אַן ארבייטער, אַ קליינבירגער און אפילו א קאַפּיטאַליסט (יעדער איינער מוז דאָך צוגעבען, אַז אַ בעדייטענדער טהייל פון קאַפּיטאַליסטישען קלאַס ליידעט אויך דורך מלחמות) צו געהען אין מלחמה, צו פערגיסען זיין בלוט אין שלאַכטען, בלייבען מיר שטעהען פערוואונדערט און דערלאַנגען אַ מאַך מיט דער האַנד אין פערצווייפלונג אויף דער מענשליכער דומהייט און באַרבאַריי. טאַקע צו וואָס זאָל, למשל, דער דייטשער פּראָלעטאַריער, מיר ריידען שוין ניט פון א סאָציאַל־דעמאָקראַט, זיך געהען שלאָגען מיט אַן ענגלישען, פראַנצויזישען און אפילו רוסישען פּראָלעטאַריער? וואו ליעגען עס זייערע מאַטעריעלע אינטערעסען?

ווי פיעל מאָל איהר זאָלט ניט שטעלען אָט די דאָזיגע פראַגען, וועט איהר אַלץ בלייבען אָהן אַ פערשטענדליכען ענטפער. גאַנץ אַנדערס איז עס אָבער, ווען איהר שטעלט דאָ די פראַגע אַזוי: וואָס פיהלט אָט דער פויער, ארבייטער און ז. וו. בשעת ער געהט אין מלחמה? וועלכע סענטימענטען בעוועגען עס איהם צו פערגיסען זיין בלוט פאַר זיין פאַטערלאַנד? אָה, דאַן דערזעהט מען טאַקע, ווען מען וויל נור ניט אַליין צומאַכען די אויגען, אַז אַלע קלאַסען פון פאָלק, אפילו די לומפּען־פּראָלעטאַריער, ווערן בעזעעלט מיט נאַציאָנאַלע געפיהלען, מיט אַ ליעבע צו זייער פאַטערלאַנד און מיט אַ האַס צו זייערע אויסלענדישע שונאים.

מיר זיינען געוואָהנט אָנצוצייגען אַלץ אויף די קאַפּיטאַליסטען און זייערע רעגיערונגען אַלס אַזעלכע, וואָס רופען עס ארויס מלחמות צוליעב זייערע מאַטעריעלע אינטערעסען, און פאָר־צושטעלען די פעלקער, בעזאָנדערס דעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס די אונשולדיגע, די אָפּפערס. מיר ווידערהאָלען אַלץ די אַלטע טענות וועגען האַנדעלס־מלחמות, וועגען די יאָגענעס נאָך מאַרקעטס, וועגען די האַלזברעכענדע קאָנקורענץ צווישען די קאַפּיטאַליסטען פון די אינדוסטריעלע לענדער.

דערביי זעהען מיר זיך ניט אַרום, אַז די קאַפּיטאַליסטען זיינען צוטהיילט אין פיינדליכע גרופּען מיט פערשיעדענע האַנדעלס־אינטערעסען; אַז ניט אַלע פּראָפיטירען און קענען פּראָפיטירען פון מלחמות, אפילו ווען זייערע פאַטערלענדער זיעגען. ווען עס האַלט ביי אַ קריעגס־ערקלערונג זיינען די קאַפּיטאַליסטען, אפילו די גאַנץ גרויסע, די פינאַנסיסטען און באַנקירען, ווייט ניט איינינג. זייערע אינטערעסען זיינען דאַן אויף קיין פאַל ניט די זעלבע פון אַן עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט. אַלע קאַפּיטאַליסטען קענען ארויסטרעטען און טרעטען טאַקע ארויס אַלס איין קלאַס געגען די ארבייטערמאַסען אין פאַל פון גרויסע סטרייקס און פון וויכטיגע רעפאָרמען צו גונסטען פון פּראָלעטאַריאַט; אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַלגעמיינע

נאַציאָנאַלע אַנגעלעגענהייטען, ווי אַז עס קומט צו אַ מלחמה, דאַן איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס צוטהיילט. עס זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע גרופּען פון קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, וועלכע אַגיטירען פאַר פריעדען און קעמפּפען געגען בעוואַפנונגען אַזוי שטאַרק, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען גופא.

* * *

וואָס אַנבעלאַנגט די פעלקער, די ארבייטער־מאַסען, זיינען זיי גאַר ניט אַזוי אונשולדיג אין מלחמות, ווי מיר האָבען זיך עס איינגערעדט, לאָמיר זיך דאָ ניט נאַרען. אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט זיינען אויך פאַראַן אַ סך דזשינגאָס, מאָרד־פּאַטריאָטען. עס פּאַסירט זאָגאַר, צום אונגליק, אַז די פעלקער גופא טרייבען אונטער זייערע רעגיערונגען צום קריעג!

אָט אין דער צייט, ווען איך שרייב דיעזע ציילען, ליעגען פאַר מיינע אויגען צייטונגען מיט טעלעגראַממען פון רוים, אין וועלכע עס ווערט געמעלדעט, אַז אין איטאַליען דעמאָנסטרירען די מאַסען פאַר אַ קריעג מיט עסטרייך, וואָס עס מיינט אויך מיט דייטשלאַנד.

פרעגט זיך, וואָס פאַר עקאָנאָמישע אינטערעסען האָבען די איטאַליענישע מאַסען צו קריעגען אין קריעג? וואָס קענען די ארבייטער דערפון געווינען? מיט וואָס וועט עס זייער לאַגע בעסער ווערען, ווען זייער פאַטערלאַנד וועט גרעסער ווערען מיט דער פּראָווינץ, וועלכע זיי ווילען אַוועקנעהמען ביי עסטרייך? די אַנטוואָרט אויף דיעזע פראַגען מוז זיין קורץ און שאַרף: ניין, דער איטאַליענישער ארבייטער וועט עקאָנאָמיש גאַר ניט געווינען דערביי און ער האָט בכלל ניט מאַטעריעלע אינטערעסען אין אַזאַ מלחמה.

די איטאַליענישע רעגיערונג איז געווען פּאָליטיש פערבונדען מיט דייטשלאַנד און עסטרייך. ווען עס וואָלט זיך געווענדט אַן איהר, וואָלט זי העכסט וואהרשיינליך ארויסגעטראָטען געגען פראַנקרייך און ענגלאַנד, ווי מען האָט עס ערוואַרטעט אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט. די מאַסען פון איטאַליענישען פאָלק סימפּאַטיזירען אָבער מיט די פראַנצויזען און זיי האַסען די עסטרייכער. צוליעב דעם איז דער איטאַליענישער קעניג געצוואונגען געווען פּשוט צו פערראַטהען זיינע „טהייערע ברידער“ ווילהעלם און פראַנץ יאָזעף און צו בלייבען נייטראַל. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער שפּיעלט מיט זיין קרוין, ווען ער וועט צושטעהן צו דייטשלאַנד און עסטרייך אין דער היינטיגער מלחמה.

דאָס קען דיענען אַלס אַ נייער בעווייז, אַז אין אונזערע צייטען קען אַ רעגיערונג ניט ערקלערען קריעג געגען דעם ווילען און סימפּאַטיען פון פאָלק.

* * *

אויך אין דעם ביטערן קאַמפּף צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד טרעטען צוערשט אַרויס סענטימענטען.

זאָלען די יעניגע, וואָס צייגען אַלץ אָן אויף די שטייגענדע דייטשע קאָנקורענץ, אויף די בעריהמטע „מעיד אין דזשוירמעני“ אַלס די וויכטיגסטע אורזאַכע פון דעם היינטיגען וועלט־קריעג, נעהמען אין בעטראַכט, דאָס עס זיינען אויך אויפגעקומען אַנדערע וויכטיגע קאָנקורענטען אויף דעם וועלט־מאַרקעט געגען ענגלאַנד, פון דעסטוועגען שרעקט זיך דזשאָהן בול גאַר ניט פאַר זיי און זוכט אויך ניט צו פערניכטען זיי מיט זיין מעכטיגער קריעגס־פלאָטע. נאָך אַלעמען, טראָץ אַלע אַלטע און נייע קאָנקורענטען, בלייבט ענגלאַנד אַלץ די איינציגע מדינה אין דער וועלט אָהן שום טאַריפען, אַלץ אַזוי פעסט צוגעבונדען צו פרי־טרעיד, ווי בשעת זי האָט געהערשט מיט איהרע אינדוסטריען אויף דעם וועלט־מאַרקעט.

ווייטער פאַלט גאַר ניט דער אויסלענדישער האַנדעל פון ענגלאַנד דורך אַלע קאָנקורענצען; פערקעהרט, ער שטייגט פון יאָהר צו יאָהר.

די אינדוסטריען פון אַלע לענדער ענטוויקלען זיך אַלץ מעהר און שנעלער. עס קומען אויף אַלץ נייע קאָנקורענטען ניט נור אין אייראָפּאַ, זאָנדערן אויך אין אַזיען און אין אמעריקאַ. עס וועט זיין גענוג אָנצוצייגען דאָ אויף אַזעלכע גרויסע יונגע קאָנקורענטען ווי יונייטעד סטייטס און יאַפּאַן. אַלץ שווערער קומט עס אָן די ענגלענדער אָבצוהאַלטען זייער הויפּט־פּלאַץ אויף דעם וועלט־מאַרקעט. דאָס איז אמת. אָבער פון דער אַנדער זייט איז עס אויך אמת, אַז אויך די בעדירפניסע פון די פעלקער פערגרעסערן זיך און אַז דער וועלט־האַנדעל וואַקסט אַלץ. דאָס מיינט, אַז עס בלייבען נאָך אַלץ גענוג אָבזאַץ־פּלעצער פאַר ענגלישע פּראָדוקטען.

אָבער לאָמיר צוגעבען, אַז ענגלאַנד שרעקט זיך דוקא נור פאַר די דייטשע קאָנקורענץ. פרעגט זיך, ווי וועט זי קענען פערניכטען דיעזע קאָנקורענץ?

די „מעיד אין דזשוירמעני“ איז דאָך ניט דער רעזולטאַט פון די דייטשע בעוואַפנונגען אויף'ן ים און אויף דער יבשה, נור פון דער דייטשער טעכניק, פון דער דייטשער אינדוסטריע. ווען דייטשלאַנד'ס אַרמייען זאָלען אפילו צוקלאַפּט ווערען און דייטשלאַנד זאָל פערלירען אַ פּאָאַר פּראָווינצען, וועלען דאָך איהרע פאַבריקען ניט אונטערגעהן, איהרע אוניווערסיטעטען ניט געשלאָסען ווערען.

דאָס מיינט, אַז די דייטשען וועלען שאַפען, פּראָדוצירען און קאָנקורירען אַזוי ווי ביז יעצט. וואָס־זשע וועט דאָ דזשאָהן בול שליסליך געווינען אויף דעם עקאָנאָמישען וועג?

נאַטירליך, די אינדוסטריען און האַנדעל פון

דייטשלאנד וועלען זעהר פיעל ליידען דורך די מלחמה, אבער דאס זעלבע וועט אויך זיין אין פראנקרייך, אין בעלגיען און אין ענגלאנד. *אלע* וועלען זיי האבען גרויסע פערלוסטען ניט נור אין יונגע קרעפטע, זאנדערן אויך אין אייגענטהום.

ווען מען נעהמט דאס אין אנבעטראכט, מוז מען צוגעבען, אז ניט א שרעק פאר די דייטשע קאנקורענץ האט עס געטריבען ענגלאנד צום היינטיגען קריעג, נור א שרעק פאר עפעס אנדערעס. וואס איז עס? אלע ענגלישע שטאאטסמענער ערקלערן אין איין קול, אז דאס איז נור דער שרעק פאר דעם *פריסישען מיליטאריזם*, פאר די דייטשע אמביציעס ניט נור צו פערכאפען ענגלישע קאלאניעס, זאנדערן אויך צו בעהערשען די גאנצע וועלט.

זעהענדיג, אז די דייטשע רעגיערונג אונטער דעם איינפלוס פון יונקערס שטרענגט אן אלע איהרע כוחות און אלע מיטעל פון דער מעכטיגער דייטשער נאציאן צו שאפען וואס גרעסערע און שטארקערע ארמעען און קריעג־שיפען; האט די ענגלישע רעגיערונג ניט נור געמוזט זיך ווייטער בעוואפנען, זאנדערן אויך זוכען מיטעל און פריינדע זיך וואס מעהר צו בעשיצען אין פאל פון א דייטשער אטאקע, אויף וועלכער זי האט זיך געריכט זיך יאהרען און יאהרען.

דארום האט זיך ענגלאנד פערבונדען ניט נור מיט פראנקרייך, וועלכע האט לכל הדעות *בלויז סענטימענטאלע* גרינדע אין דערהיינטיגער מלחמה, זאנדערן אויך מיט רוסלאנד און יאפאן. די אלטע שנאות, די אלטע קאנקורענצען זיינען פערגעסען געווארען אין די שרעקען פון ענגלענדער פון די מיליטערישע אויבערמאכט פון דייטשלאנד.

* * *

פרעגט א דייטש, וואס עס האט געפיהרט צו דער מלחמה מיט רוסלאנד, וועט ער די ערשטע זאך ענטפערן: *פאנסלאוויזם*. פון זיין זייט וועט א רוסע אנווייזען אויף דעם *פאנגערמאניזם*. פון עקאנאמישע אורזאכען, פון מארקעטס און אינדוסטריעלע קאנקורענץ איז דערביי גאר קיין רעדע ניט. עס הייסט, אז דייטשלאנד האט מורא פאר די צו גרויסע *פאליטישע מאכט* פון רוסלאנד דורך א פערווירקליכונג פון די שטרעבונגען און טרוימען פון די פאנסלאוויסטען.

וואס פאר מיינונג מען זאל ניט האבען וועגען רוסלאנד און דייטשלאנד, וועגען סלאווען און דייטשען, וועגען פאנסלאוויזם און פאנגערמאניזם, נור דאס איז דאך זיכער, אז דערביי שפיעלען די הויפט ראלע *סענטימענטען*, ניט בלויז *נאציאנאלע*, זאנדערן — אויך מעג מען זאגען, *ראסאווע*.

* * *

מיר קומען דא אזוי אלץ צו *סענטימענטאלע אורזאכען*, ניט צו מארקעטס, האנדעל־קאנקורענץ און קרעמערישע רעכנונגען; מיר שטויסען זיך אן אויף *נאציאנאלע* און *פאליטישע* זייטען פון דעם היינטיגען וועלט־קריעג, ניט אויף עקאנאמישע.

מען קען דא ערווידערן, אז סענטימענטען און אינטערעסען זיינען דאך ענג צוזאמענגעפלאכטען ביי יעדען מענשען, זאגאר צוזאמענגעשמאלצען; אז סימפאטיען און אנטיפאטיען, פון וואנען זיי זאלען ניט שטאמען, ווירקען אויך אויף אונזערע אינטערעסען, אז בשעת מיר ווערן *גענייגט* צו עפעס דורך אונזערע געפיהלען, ווערן מיר שוין אין דעם אויך *פעראינטערעסירט*. דאס איז טאקע ריכטיג, אבער אין א זעהר אלגעמיינעם, גענויער גערעדט, אין א *פסיכאלאגישען זינען*. איך האב אבער גאר ניט בדעה אריינצולאזען זיך אין אזעלכע טיעפע חקירות. די פסיכאלאגישע שייכות צווישען געפיהלען, מאטיווען, אינטערעסען און האנדלונגען לאז איך דא אין גאנצען אן א זייט. איך געברויך די ווערטער „סענטימענטען“ און „אינטערעסען“ אין דעם גאנץ געוועהנליכען פראקטישען זינען. דער לעזער האט האפענטליך בעמערקט, אז פון אנפאנג אן האב איך אונטער דעם ווארט „אינטערעסען“ געמיינט עקאנאמישע נוצען, קאמערציעלע און אינדוסטריעלע געווינסען, און אונטער דעם ווארט „סענטימענטען“ האב איך געמיינט נאציאנאלע געפיהלען און איבערהויפט סימפאטיען און אנטיפאטיען פון פעלקער און נאציאנען אזוי ווי פון איינצעלנע פערזאנען.

דאס לאזט זיך אבזונדערן און דאס דארף מען אבזונדערן ביי דער בעטראכטונג פון געזעלשאפטליכע ערשיינונגען, פון היסטארישע פאסירונגען און בעזאנדערס פון די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע פראגען אין אונזערע צייטען. צווישען דעם מארד־פאטריאטיזם פון איין זייט און די יאגענעס נאך מארקעטס פון דער אנדער זייט איז דער אבגרונד א זעהר ברייטער און טיעפער. אויך איז נאך זעהר גרויס דער אבגרונד צווישען *פעלקער־קאמפף* און *קלאסען־קאמפף*, ווי דאס בעווייזט ווידער דער היינטיגער וועלט־קריעג.

נור וועגען דיעזען פונקט אן אנדערס מאל.

---

*) מיר זיינען מיט גענ. קראנץ דורכאויס ניט איינפערשטאנדען. אין נעכסטען נומער „צוקונפט“ וועלען מיר איהם ענטפערן.

די רעדאקציא.

ה. רויזענבלאַט

אויפ'ן שלאַכטפעלד

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — א מורא'דיגער קראַך
און מעהר געדענקט ער ניט קיין זאַך.

און ווען ער האָט פון בייזען חלום אויפגעוואַכט,
האָט מילד אויף איהם אַראָבגעבליקט די נאַכט.

און דאָ און דאָרט, א וואָלקענדעל שפּאַצירט.
און דאָ און דאָרט, א שטערען שימערירט . . .

— — — — — — — — — א שוידערליכער טרוים.
ער טראַכט און ער דעמאָהנט זיך קוים: —
עס קלאַפּט די פּויק, עס טומעלט ווילד און קנאַלט.
און ס'וויקעלט זיך אין קנוילען, פינסטער שוואַרץ,
דער רויך אַריבער זיי, און קויקעלט זיך און פאַלט...
און ס'קלאַפּט די פּויק, און ס'פּויקט דאָס האַרץ...
און פלינקער הויבען זיך די פיס צום גאַנג — —
קיין ברעקעל ווילען און קיין שטויבעלע פערלאַנג.
און פּלוצים, עפּעס הודיעט איבער איהם און קנאַלט,
ער הויבט די פיס און — —
פאַלט
און פאַלט
און פאַלט — —
— — און מעהר געדענקט ער ניט קיין זאַך.

בלויז ווען ער האָט פון בייזען חלום אויפגעוואַכט,
האָט מילד אויף איהם אַראָבגעבליקט די נאַכט.

און ביי דעם זוים פון הימעל רוים,
אין אומעט זיך שפּאַציערט
א בלאַסע די לבנה. קוים
איין שטערען שימערירט.
און אין דער הויך א וואָלקענדעל, א זילבערנער,
זיך שיפט.
און קיהל און דריבנע פאַלט דער טוי.
א ווינטעל אטהעמט שטיל, אַזוי
אַז הערען קען ער ווי ביי איהם די וואונד אין
האַרצען טריפט...

און נאָך האָט איהם זיך וואָס געדאַכט': —
אַז ערגעץ אין דער בלייכער נאַכט,
א שאָטען פּויזעט אום און זוכט.
און עמעץ וויינט, און עמעץ לאַכט — — —
און עמעץ קרעכצט, און עמעץ פלוכט.
און דומפּפיג־שוואַך א האַרץ וואו קלאַפּט.
און פון זיך שטרעקט זיך אויס די האַנד
און נישטערט אין דער נאַכט און טאַפּט
דאָס פייכטע גראָז אַרום.
און ס'רייסט פון האַרץ זיך אויס אן „אוי“: —
צי איז דאָס בלוט? צי איז דאָס טוי?!

— — — וואו ביזטו, קאָמעראַד?... וואו ביזטו,
קאָמעראַד?....

פערשוואונדען שוין די נאַכט.
און ווייט איבער די מזרח־בערג, די זון,
זיך קויקעלט גלוטיג־רויט און רונד.
עס קוקט זיין אויג און גאַפט: —
איז דאָס גאָט'ס זון? איז דאָס מיין וואונד?!...

די מיעדע אויגען האַלב פערשטאַרט
צום קלאָרען הימעל שטום געריכט: —
אָ, נאָך א טראָפּען מאָרגען־ליכט —
אָ, גאָט, איין קורצע רגע וואַרט.
בלויז טרוימען וויל איך נאָך איין טרוים: —
מיין לאַנד — — מיין דאָרף — — מיין היים — — —
נאָך איין מאָל וויל איך אין דיין ליכט,
מיט מיינע בליקען צערטלען איהר פערטרעהרט
געזיכט . . .

שאַ... שטיל — — — א צאָרנדיגעס קראַקען רופט,
א ראָב א שוואַרצע פלאַטערט אין דער לופט.
ער עפענט זיינע שטאַרע אויגען ברייט: —
צו שאלט ניט וואו דער שלאַכט־טרומפּייט? — — —
איך געה — — — — איך קום — — — — איך בין
געגרייט — — —

— — — וואו ביזטו, קאָמעראַד?... וואו ביזטו,
קאָמעראַד?....

הלל ראָגאָף

דער קאַמפּף פון די שניידער געגען זייער דזשענעראל אָפּיס

(צו דער קאָנווענשאָן פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס)

דער דזשענעראל אָפּיס פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס איז, ווי עס שיינט, פעסט ענטשלאָסען ניט צו צולאָזען די דעלעגאַטען פון שניידער לאָקאַלס צו דער קומענדער קאָנווענשאָן אין נעשוויל. עס גלויבט זיך קוים, אז זיי זאָל דאָס געלינגען; אָבער אויב יאָ, וועט דאָס זיין דער לעצטער זיעג, וואָס זיי וועלען אָבהאַלטען איבער דער בראָדערהוד אָוו טיילאָרס.

מיר האָבען שוין אין אַ פאָריגען אַרטיקעל געשילדערט דעם קאַמפּף, וואָס געהט אָן צווישען דעם דזשענעראל אָפּיס און דער בראָדערהוד. דער קאַמפּף איז ניט צוליעב אַ פּרינציפּ־פראַגע; און אויך אַפילו ניט צוליעב געווינסע לאָקאַלע טרייד־אישוס, וועגען וועלכע די פאַרשטעהער פון ביידע אָרגאַניזאַציאָנען קענען זיך ניט איינינגען. די אורזאַכע פון קאַמפּף איז קיין אַנדערער, ווי דער שרעק פון די דזשענעראל בעאַמטע, זיי זאָלען ניט דורך די שניידער ביי דער קומענדער קאָנווענשאָן אַרויסגעזעצט ווערען פון זייערע דזשאָבּס.

מען קאָן די שניידער ניט פאַרדיינקען, ווען זיי פאָהרען מיט אַזאַ כונה צו דער קאָנווענשאָן. דער דזשענעראל אָפּיס איז קיינמאָל ניט געוועזען זייער פריינד. די מענשען, וואָס קאָנטראָלירען דעם אָפּיס, ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען די בעדערפניסע און די שטרעבונגען פון דער ריעזיגער מאַסע שניידער־אַרבייטער. אָבער לאָמיר זאָגען, אַז די בראָדערהוד איז אַפילו אומגערעכט מיט איהרע טענות צום דזשענעראל אָפּיס, גיט דאָס איהם אַליין קיין רעכט אויסצושליעסען אַלע שניידער דעלעגאַטען פון דער קאָנווענשאָן, וואָרים דאָס מיינט דאָך איינפאַך אַרויסטרייבען פון דער אָרגאַניזאַציאָן די גאַנצע שניידער מאַסע, די גרויסע מאַיאָריטעט פון איהרע מיטגליעדער. און צוליעב וואָס? צוליעב דעם, וואָס אַ פּאָאר מענשען דאָרט אויבען וועלען, אפשר, פערלירען זייערע דזשאָבּס. אָבער אָט די מורא פערענטפערט דאָך בשום אופן ניט זייער האַנדלונג.

די אָפּאָזיציאָן צו דעם אַלטען רעזשים פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס שטאַמט ניט פון די פיהרער פון די שניידער לאָקאַלס, ווי די געשוואָרענע פערטיידיגער פון דזשענעראל אָפּיס ווילען אונז איינריידען. זי נעהמט אַרום די גאַנצע מעמבערשיפּ. דאַרף מען דערצו אַ בעסערען בעוויז, ווי דעם פאַקט, דאָס די מעמבערס פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באָרד זיינען זאָגאַר ניט נאָמינירט געוואָרען אַלס דעלעגאַטען פון זייערע אייגענע לאָקאַלס? פון די אַלע 75 דעלעגאַטען, וואָס ניו יאָרק האָט ערוועהלט, איז ניטאָ איינער, וואָס זאָל האַלטען מיט׳ן דזשענעראל אָפּיס. און דאָסזעלבע איז אויך צו זעהן פון די בעריכטען, וואָס קומען אָן פון אַנדערע שניידער צענטערס. די מאַסע האָט אַרויסגעוויזען אַ פעראייניגטען ווילען צו ענדערן דעם רעזשים פון דער אינטערניישאָנאַל קערפּערשאַפט, אַריינצוברייננגען אין איהר אַ נייעם גייסט און נייעם לעבען.

און נאָכדעם ווי דאָס איז געשעהן, נאָכדעם ווי די דזשענעראל בעאַמטע האָבען דורכגעליינט דעם צעטעל פון די דעלעגאַטען און האָבען זיך אויך דערוואוסט, אַז דיזע מעכטיגע אָפּאָזיציאָן איז ענטשלאָסען אַרויסצושטעלען אַן אייגענעם קאַנדידאַט פאַר אינטערניישאָנאַל פּרעזידענט — זיינען זיי דאָס געפאַלען אויף אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פּסל׳ען די דעלעגאַטען פון דער בראָדערהוד.

זיי ווייסען דעם שוואַכען פּונקט פון די שניידער יוניאָנס, דיזע בעאַמטע, זיי ווייסען עס פון פיעלע יאָהרען, און אַלע זייערע אָנגריפע מאַכען זיי אויף דיזען פּונקט. זיי ווייסען, אַז די שניידער זיינען גרויסע אָרימע לייט, אַז די לאָקאַלס זיינען שטאַרק פעראָרימט, אַז די פיעלע סטרייקס און די לאַנגע סלעק ברייננגען דערצו, דאָס פיעלע גוטע, געטרייע יוניאָן־לייט זאָלען זיין הינטערשטעליג אין זייערע דיוס. און דערפאַר האָבען זיי פון אָנפאַנג אָן פעררוקט די קאָנווענשאָן אין נעשוויל, טענעסי, אין דער האָפנונג, אַז די שניידער וועלען ניט האָבען גענוג געלד צו שיקען זייערע דעלעגאַטען אַזוי ווייט, און דערפאַר אויך האָבען זיי עס איצטער געשיקט זייערן אַ מענשען צו אונטערזוכען די ביכער פון דער בראָדערהוד און אויפגעפאָדערט אַלע הינטערשטעליגע מעמבערס צו בעצאָהלען זייערע דיוס, און די לאָקאַלס — אריינ־

צושיקען געוויסע געלדער, וואָס פאַר זיי איז איצטער אונמעגליך צו זאַמלען.

מען מוז אין זינען האָבען, אַז דאָ איז ניט קיין פראַגע וועגען פערקלענערן בלויז די צאָהל שניידער־דעלעגאַטען אויפ׳ן סמך פון דעם, וואָס פיעלע שניידערס זיינען הינטערשטעליג אין דיוס. שטרענגע אָרגאַניזאַציאָנס מענשען, מענשען, וואָס זיינען זעהר איינגעגלויבט אין דיסציפּלין, וואָלטען נאָך געקענט געפינען א זכות אויף די דזשענעראַל בעאַמטע — זיי היטען אָב די אינטערעסען פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן, זיי ווילען ניט דערלאָזען, אַז ניט גוט־שטעהענדע מעמבערס זאָלען רעפּרעזענטירט ווערען אויף דער קאָנווענשאָן. אָבער דאָ איז דאָס ניט דער פאַל. ווען מען זאָל אפילו אויסשטרייכען אַלע נעמען פון די ריקשטענדיגע מעמבערס, וועלען די שניידערס אַלץ זיין בערעכטיגט צו דער פולער צאָהל דעלעגאַטען, וואָס זיי האָבען ערוועהלט. וואָס די דזשענעראַל אָפיסערס פּלאַנעווען איז א פיעל פערברעכערישער שריט — זיי ווילען בעווייזען, אַז די בראָדערהוד פיהרט ניט איהרע ביכער ראַיעל, אַז די בראָדערהוד איז אַליין ריקשטענדיג אין איהרע דיוס, אַז די בראָדערהוד האָט ביים דזשענעראַל אָפיס פערנומען געלד, און אויף דיעזען גרונד ווילען זיי אויסשליעסען אַלע דעלעגאַטען, וואָס די בראָדערהוד שיקט.

מיר ווילען דאָ געבען א פּאָאר ביישפּיעלע פון די „פערברעכענס“, וואָס דער שליח פון דזשענעראַל אָפיס האָט אין דער בראָדערהוד ענטדעקט.

ער האָט אויסגעפונען, אַז אַלע לאָקאַלס, וואָס בעלאַנגען צו דער בראָדערהוד, בריינגען די דיוס פון זייערע מעמבערס דירעקט צום דזשאָינט באָארד פון דער בראָדערהוד און דאַן נעהמט דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער בראָדערהוד דערפון אַראָב אויף צו דעקען די לויפענדע הוצאות און דאָס, וואָס עס בלייבט, צוטיילט ער צווישען די לאָקאַלס.

אָט דאָס סיסטעם איז שטאַרק אַטאַקירט געוואָרען פון דעם בריה׳דיגען פערטרעטער פון דזשענעראַל אָפיס. ער טענה׳ט, אַז די לאָקאַלס אַליין דאַרפען אַרייננעהמען די דיוס אין זייערע לאָקאַלע טרעזשורים, און פון דאָרט ערשט אויסצאָהלען א געוויסען פער־קאַפּיטא טעקס צו דער בראָדערהוד. די שטעלונג פון די שניידער איז, אַז זייער סיסטעם מאַכט די בראָדערהוד פאַר אַן אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציאָן, אין וועלכער אַלע לאָקאַלס פיהלען זיך פעראייניגט. אָט די מאָטיווירונג געפעלט דעם דזשענעראַל אָפיס נאָך וועניגער, ווי דער פערברעכען גופא.

דער געזאַנדטער האָט אויך „אויסגעפונען“, אַז די בראָדערהוד האָט ניט איינגעצאָהלט צום דזשענעראַל אָפיס די קוואָדערס פאַר די נייע מעמבערס, וואָס זי האָט אַריינגענומען אין דער צייט פון דזשענעראַל סטרייק (פאַר יעדען נייעם מעמבער קומט דעם דזשענעראַל אָפיס אַ קוואָדער). איצט מאָהנט ער די קוואָדערס. דער פאַקט איז, אַז פאַר יעדען דאָלאַר איינטריטס־געלד, וואָס די בראָדערהוד האָט דאַן אַריינגעקראָגען פון יעדען נייעם מעמבער, האָט זי דערנאָך צוריקגעגעבען אין צעהנדליגע דאָלארס סטרייק בענעפיטס. נאָך מעהר: די ביכער פון דער בראָדערהוד זיינען דאַן געווען אונטער דער אויפזיכט פון דעמזעלבען דזשענעראַל אָפיס מאַן, וועלכער האָט איצטער די „ענטדעקונג“ געמאַכט. איז עס געווען אַזוי אבסאָלוט נויטיג, אַז דער דזשענעראַל אָפיס זאָל דיעזע קוואָדערס בעקומען, טו פאַר וואָס האָט דיעזער מאַן זיי דאמאלס ניט אויפגעמאהנט? יא, פאַר וואָס האָט ער דער בראָדערהוד געלאָזען זינדיגען אַזוי לאַנג? ער האָט עס דאמאלס ניט געטהאָן, און אויך שפּעטער ניט געפאָדערט, ווייל ער האָט געוואוסט די לאגע פון דער בראָדערהוד. נו, איז די בראָדערהוד געראדע איצט אין אזא גוטען פינאַנציעלען צושטאַנד, אַז מען קען ביי איהר אויפמאהנען אַלטע חובות? וויים ער דען ניט, אַז ערב אַ קאָנווענשאָן איז ניט די צייט דערצו? די קאָנווענשאָן פאָדערט גרויסע הוצאות פון יעדען לאָקאַל. איז דער תירוץ, אַז ער וויים עס צו גוט, און דערפאַר מאהנט ער.

* * *

די שניידער זיינען ענטשלאָסען צו שיקען זייערע דעלעגאטען צו דער קאָנווענשאָן, טראָצדעם, וואָס זיי האָבען זייערע קרעדענשאַלס פון דזשענעראַל אָפיס ניט בעקומען. די האַנדלונג פון דזשענעראַל אָפיס האָט געווירקט, אַז די לאָקאלס זאָלען זייערע לעצטע כוחות אנשטרענגען פאַר זייערע דעלעגאטען געלד צו קריגען. די לעצטע בעריכטען, וואָס זיינען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, ווייזען דאָס דער ענטוזיאַזם פאר דעם קאַמפּף געגען די דזשענעראַל בעאַמטע וואַקסט און פערשפּרייט זיך איבער׳ן גאַנצען לאַנד. די רייכערע לאָקאלס פון ווייטע שטעדט זיינען אפילו בערייט אַרויסצוהעלפען מיט געלד די אָרימערע לאָקאלס פון ניו־יאָרק און ראטשעסטער, וואָס האָבען צו שיקען גרויסע דעלעגאַציאָנען. די 120 שניידער דעלעגאַטען פון די ביידע שטעדט וועלען בעשטימט זיין אין נעשוויל, ווען די קאָנווענשאָן וועט זיך עפענען.

זיי וועלען דאָרט זיין און וועלען פאָדערן מען זאָל זיי צולאָזען צו דער קאָנווענשאָן. די פאָדערונג וועט פאָרגעלעגט ווערען פאַר די כשר׳ע דעלעגאַטען, פאַר די פאָרשטעהער פון די „לייבעל“ שעפּער, וועלכע זיינען אימער געשטאַנען שטאָל און אייזען פאַר די איצטיגע אינטערנייישאָנאַל בעאַמטע און וועלכע האָבען זיי יאָהר איין יאָהר אויס אויסגעוועהלט פאַר

דיזעלבע עמטער. פון דער האַלטונג פון דיזע דעלעגאַטען הענגט אָפּ דער רעזולטאַט פון איצטיגען קאַמפּף און אפשר אויך די צוקונפט פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן.

די שניידער האָפען שטאַרק, אַז דער בעשלום פון די דעלעגאַטען וועט זיין גינסטיג פאַר זיי, וואָרים ווער זיינען דען די דעלעגאַטען, אויב ניט אַרבייטער? זיי זיינען דאָך ניט אַזוי פערבלענדט ווי די בעאַמטע. זיי וועלען פערשטעהן, אַז די שניידער זיינען אין דעם סכסוך גערעכט. זיי וועלען בשום אופן ניט דערלאָזען, אַז 170 דעלעגאַטען, וועלכע פערטרעטען צעהנדליגע טויזענד אָרגאַניזירטע אַרבייטער, די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער טרייד, זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען פון דער קאָנווענשאָן, נור כדי געוויסע פערזאָנען זאָלען זיכער זיין מיט זייערע דזשאַבס.

אַזוי האָפען און גלויבען די שניידער. צי זייער האָפנונג וועט מקוים ווערען, בלייבט איבער צו זעהן; עס ווילט זיך גלויבען, אַז אויב די שניידער דעלעגאַטען וועלען נור אָנקומען אין נעשוויל, וועלען די דזשענעראַל בעאַמטע אַליין דעם מוט ניט האָבען אויפצוהויבען אַ קאַמפּף געגען זיי. צי דען זשע זיינען זיי אַזוי זיכער מיט זייערע „פּעט"־דעלעגאַטען, אַז זיי וועלען זיך אונטערנעהמען צו כשר'ן פאַר זיי אַזאַ טריפ'ען ענין? ווען זיי וועלען עס טהאָן, וועט עס נור בעווייזען מיט וואָס פאַר אַ פערצווייפלונג מענשען קענען קעמפּפען פאַר זייערע דזשאַבס.

* * *

דיזע גאַנצע פראַגע, וואָס די דזשענעראַל בעאַמטע האָבען אַרויפגעצוואונגען אויף די שניידער, האָט גאָר קיין פּלאַץ ניט געדאַרפט האָבען אויף דער הייאָהריגער קאָנווענשאָן. עס זיינען דאָ אַזוי פיעל אַנדערע, אַזוי פיעל וויכטיגע טרייד־פראַגען, מיט וועלכע די קאָנווענשאָן האָט זיך געדאַרפט אָבגעבען. פון דער לייזונג פון דיזע פראַגען הענגט אָב, ביז אַ געוויסען גראַד, דער שיקזאַל פון דער אָרגאַניזאַציאָן — איהר ענטוויקלונג און וואוקס.

1) אָט צ. ב. ש. האָבען די לאָקאַלס זיך געגרייט צו קריגען די צושטימונג פון דער קאָנווענשאָן צו ענדערן זייער אָרגאַניזאַציאָנס־סיסטעם. די שניידער־טרייד, די גאַנצע אינדוסטריע האָט געמאַכט אונגעהייערן פאָרטשריט אין די לעצטע צעהן יאָהר. די מאַנופעקטשורערס האָבען דאָס סיסטעם פון אַרבייט, די טריידס־איינטיילונג אין גאַנצע געענדערט, אָבער די יוניאָנס זיינען פערבליבען ביי זייער אַלטען סיסטעם.

2) עס איז פאַרהאַן אַ גרויסער חסרון אין דעם אופן ווי אַזוי דער דזשענעראַל אָפיס איז איינגעאָרדענט. דער פּרעזידענט האָט די מאַכט צו בעשטימען אָרגאַנייזערס. און ווייטער איז איינגעפיהרט, אַז די מעמבערס פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד גופא ווערען אָנגעשטעלט אַלס אָרגאַנייזערס, און דין וחשבון פון זייער טהעטיגקייט גיבען די אָרגאַנייזערס אָב פאַר דערזעלבער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָרד, דאָס הייסט, ווי עס פיהרט זיך איצט, זיינען די אָרגאַנייזערס צו קיינעם ניט פעראַנטוואָרטליך ווי נור צו זיך אַליין, זיי אַליין דאַרפען גוטהייסען זייער אייגענע אַרבייט. לעכערליך גענוג. פאַר די אָפיס־דזשאָב־האָלדערס איז דאָס, נאַטירליך, ווי געוואונשען, פאַר די אַרבייטער אָבער איז עס אַן אומגליק.

3) די קאָנווענשאָן האָט אויך געדאַרפט איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסאַרבייטען אַ בעשטימטע פּלאַן, ווי אַזוי צו בעקעמפּפען די שניידער באָסעס, וועלכע אַנטלויפען אין די קליין־שטעטלאַך אין ניו דזשוירזי, אין קאָנעטיקוט סטייט און עפּענען דאָרט סקעב־שעפּער. דיזע „אַנטלויפעניש"־מגפה פערשפּרייט זיך און ווערט ערנסטער פון טאָג צו טאָג. אָבגעבען זיך דערמיט האָט נאַטירליך געדאַרפט די אינטערנעישאָנאַל. די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציאָנען קענען ניט נאָכלויפען די באָסעס פון סטייט צו סטייט.

* * *

אויסרעכענען אַלע פראַגען דאָ איז נאַטירליך פאַר אונז אונמעגליך. מיר האָבען אָנגעכאַפּט בלויז עטליכע ביישפּיעלע, און מיר האָבען דערמיט געוואָלט בעווייזען, וואָס פאַר אַ העכסט וויכטיגע אַרבייט עס שטעהט פאָר דער קאָנווענשאָן, און ווי טרויעריג עס איז, אַז אַנשטאַדט דעם וואָס די פיהרער זאָלען טראַכטען, ווי אַזוי צוצוגרייטען די קאָנווענשאָן זי זאָל קענען אויפנעהמען און פערענטפערן די אַלע פראַגען, גרייטען זיי צו אַ מיאוס'ען טריק געגען דער מאַיאָריטעט פון די קאָנווענשאָן דעלעגאַטען, גרייטען זיי זיך צו אַ מלחמה פאַר דזשאַבס געגען דער מאַיאָריטעט מיטגליעדער פון יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס, וויסענדיג אין פאָראויס, אַז די מלחמה קען ברייננען צו דער רואין פון דער אָרגאַניזאַציאָן.

איהר וועט זאָגען, אַז דעם קאַמפּף האָבען די שניידער אָנגעהויבען, אָבער דער קאַמפּף געגען דזשענעראַל אָפיס האָט פריהער אָדער שפּעטער געמוזט אויסברעכען. די שניידער האָבען געמוזט אויפטרעטען אָפען געגען די פיהרער פון דזשענעראַל אָפיס. וואָס לייגנער זיי וואָלטען געוואַרט, אַלץ ערגער וואָלט געוועזן. זיי האָבען נאַטירליך ניט ערוואַרט, אַז דער דזשענעראַל אָפיס וועט אַנווענדען געגען זיי אַזעלכע מיטלען, אָבער וואָס פריהער דער דזשענעראַל אָפיס האָט געוויזען זיינע קאָלירען, אַלס בעסער. די שניידער קענען שליעסליך ניט פערלירען, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען. זיי קעמפּפען פאַר אַ נייעם גייסט אין דער אינטערנעישאָנאַל אָרגאַניזאַציאָן, און דאָס אַליין וואָס די שניידער מאַסע האָט אויפגענומען אַזאַ קאַמפּף איז שוין אַ גרויסער זיעג.

לעאָ דייטש

פערדינאַנד לאַסאַל

(צו זיין פופציגסטען יאָהרצייט)

אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער וועלט איז ניטאָ נאָך אזאַ פּאַסירונג, וואָס זאָל ענטהאַלטען אין זיך אַזוי פיעל טראַגיזם און אַזוי פיעל וווּדערשפּרוך, ווי די פּאַסירונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זשענעוו ענדע אויגוסט פון יאָהר 1864—ד. ה. פּונקט מיט 50 יאָהר צוריק.

בעטראַכט נור אַליין: פּערדינאַנד לאַסאַל, דער שעפּפער פון דער דייטשער אַרבייטער בעוועגונג, דער פלאַם־פייעריגער פּערטיידיגער פון אַלע אונטערדריקטע, פאַר וועלכען, דאַכט זיך, קיין קרבן איז ניט געווען צו שווער, דער פּרינציפּיעלער געגנער פון דעם אבערגלויבישען מנהג פון די פּריווילעגירטע „מיט בלוט אָבצוואַוואַשען אַ בעליידיגונג“, לאָזט בעוואוסטזיניג זיך אַליין אַריינשלעפּען אין א דועל, וועלכע ענדיגט זיך מיט זיין טויט. וואָס קען שוין זיין טרויעריגער פון אַזאַ סוף פון איינעם פון די בעגאַבטעסטע, וואָס די מענשהייט האָט ווען פּערמאָגט?

.1

ער איז געבאָרען אין ברעסלוי אין אַ פּערמעגליכער פאַמיליע פון א זיידענהענדלער. זיין פאָטער, אַזוי גאָר ניט קיין נאַרישער מענש, האָט געוואָלט פון זיין בן יחיד, פון וועלכען ער האָט געהאַלטען אַן עולם ומלאו, מאַכען א קויפמאַן גאָר פון א גרויסען שניט, און ער האָט איהם אַוועקגעגעבען אין דער לייפּציגער קאמערץ־שולע. אָבער אַ קויפמאַנ׳ס קאַריערע האָט גאָרנישט גערעדט צו דער פאַנטאַזיע פון דעם ברענענדיגען אינגעל. ער האָט געדאָרשט נאָך וויסען, ער פלעגט פערשלינגען איין בוך נאָכ׳ן אַנדערען און זיינע חלומות פלעגען איהם פּערטראָגען אין די הימלען אַריין אָבער בשום אופן ניט הינטער דעם ווענדטעל פון אַ קויפמאַנישען קאַנטאָר. און דערצו איז ער נאָך געווען א אידישער פּאַטריאָט, וועלכער איז בערופען דאָס אידישע פּאָלק אויסצולייזען. דעם 2טען פעברואַר פון 1840 פּערשרייבט דער 15־יעהריגער לאַסאַל אין זיין טאַגעבוך: „אַפילו דער עשאַפאָט וואָלט מיך ניט געשראָקען, אויב נור איך זאָל קענען פון דאָס



(געבאָרען אין 1825, דער׳הרג׳עט אין 1864)

ניי מאַכען די אידען פאַר א געאַכטעטע פּאָלק“. ער טרוימט „צו שטעלען זיך אין שפּיץ פון אידישען פּאָלק און מיט וואַפען אין די הענדעראָבערן פאַר איהם זיין אַמאָליגע אונאבהענגיגקייט“.

דער אינגעל לאַסאַל האָט געהאַט ניט נור א פעהיגען קאָפּ, נור אויך כאַראַקטער — ער איז

צוויי אַרטיקלען „לאַסאַל אַלס אַגיטאַטאָר“ און „לאַסאַל אַלס איד“ האָבען מיר צוליעב דער בהלה פון דער מלחמה אין אויסלאַנד ניט בעקומען. צוליעב קראַנקהייט האָבען מיר אויך ניט געקענט געבען דעם אַלגעמיינעם רעדאַקציאָנעלען אַרטיקעל וועגען לאַסאַל׳ן. זיי וועלען ערשיינען אין איינעם פון די נעכסטע נומערען, און האָפענטליך וועט דער לעזער פון די אַנדערע אַרטיקלען בעקומען א גאַנץ אַנדערע פאָרשטעלונג פון דעם גרויסען לאַסאַל, ווי גענ. דייטש האָט עס אונז געגעבען. די רעד.

געוועזן שטייף און איינגעשפּאַרט — שטאָלץ און עהרגייציג גאָר אָהן א ברעג. די ווילענסקראַפט האָט אַריבערגעוואַקסען אַלע זיינע אַנדערע מעלות — פון קינדהייט אָן אַזוי.

אויף זיין אָבשטאַמונג פון א קויפמאַנישער פאַמיליע לאָזט נאָך זיך סמנים אין זיין טאַגעבוך. ערהאַבענע געדאַנקען טרעטען אָפּט אָב דעם פּלאַץ פאַר געלד־חשבונות. דעם „זילבער־גראָשען" ווערט אָבגעגעבען דעם געהעריגען כבוד. און דיזע פּראַקטישקייט האָט אויך געהאַט א חלק אין לאַסאַל'ס ווייטערען שיקזאַל.

קורץ, פון „טאַגעבוך" קוקט אַרויס אן אַנבליק, וואָס דערמאָהנט זעהר און זעהר לאַסאַל דעם געניאַלען פּראַקטיקער.

אין דער לייפּציגער קאמערץ־שולע האָט ער פערבראַכט ניט לאַנג — ער האָט זיך מעהר אָבגעגעבען מיט די פּאָעטען און קלאַסיקער, ווי מיט די סוחר'שע למודים; דאָס האָבען די לעהרער איהם ניט געקענט מוחל זיין. ער פערלאָזט די שולע, קעהרט זיך אום אהיים און נעהמט זיך צוגרייטען צו דער אוניווערזיטעט, וואוהין ער קומט אויך אָן צו 17 יאָהר, א דאַנק זיין אויסערגעוועהנליכען פלייס.

ער שטודירט פילאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, צוערשט אין ברעסלוי, דערנאָך אין בערלין. זיין סטאַטנער אויסזעהן, זיין קלוגשאַפט, די קענטניסע, וואָס ער האָט פערמאָגט גאָר ניט נאָך זיינע יאָהרען, אין א ברייטער מאָס, די שנעלקייט, מיט וועלכער ער פלעגט זיך דורכגריבלען דורך די פערפלאָנטערטסטע שטעלען ביי אַזאַ „שווערען" פילאָזאָף ווי העגעל — האָט צו איהם געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. מענשען געזעצטע, מענער מיט פיעל וויסען, ווי דער פּראָפעסאָר פון רעכט סאַוויני, דער פילאָלאָג בעק, דער בעריהמטער נאַטור־פאָרשער אַלעקסאַנדער הומבאָלדט האָבען זיך פון איהם אָבוואונדערן ניט געקענט.

און ביי אַלע זיינע ערנסטע בעשעפטיגונגען האָט לאַסאַל ניט פערנאַכלעסיגט דעם טעמפּעל פון די דייטשע סטודענטען, די „קנייפּע" — דעם ביער־שענק. אויך וועגען אויסערן גלאַנץ האָט ער זיך שטאַרק געזאָרגט — שטענדיג פערפּוצט געוועזן ווי צו א פּאַראַד. און מיט דעם אַלעם פלעגט ער זיך איבערנעהמען פאַר זיינע חברים. ער פלעגט זיי מוזען געבען צו פיהלען, ווי הויך ער שטעהט איבער זיי. געאָרג בראַנדעס שרייבט: אויף זיין פּנים איז געווען צו לייענען—„צעזאַר געבאָרען צו הערשאַפט".

אָבער די קליינליכקייטען פון זיין כאַראַקטער פלעגען במילא ווי פערשווינדען, ווען לאַסאַל פלעגט זיך צונויפטרעפען מיט מענשען פון העכערען סאָרט. א מערקווירדיגען איינדרוק האָט דער 19־יעהריגער לאַסאַל געמאַכט אויף היינען. היינע שרייבט וועגען איהם צום בעקאַנטען דייטשען שרייבער פאָן ענזע:

„לאַסאַל איז אַ יונגערמאַן מיט אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע מעלות: מיט דער גרינדליכסטער געלעהרזאמקייט, מיט דעם ברייטסטען וויסען, מיט'ן גרעסטען שאַרפזין, פעראייניגט ער אַ ווילענסקראַפט, אַ האַנדלונגס־ענערגיע, וועלכע איבערראַשען".

און ווען לאַסאַל פלעגט אַזוי בעצויבערען מענער, טו ווי געוואַלטיג האָט שוין געדאַרפט זיין דער איינדרוק, וואָס לאַסאַל, ביי זיין מערקווירדיגער שעהנקייט, פלעגט מאַכען אויף פרויען? און טאַקע צוליעב פרויען איז ער אומגעקומען פאַר דער צייט.

.2

אָנהויבענדיג כאָטש דערפון, וואָס א דאַנק אַ פרוי, האָט ער געמוזט אָבלייגען אויף גאַנצע 10 יאָהר די פערעפענטליכונג פון זיין דיסערטאַציע איבער „העראַקליט דעם טונקעלען". די פרוי איז געווען די בעריהמטע גראַפינע סאָפיע האַצפעלד.

די גראַפינע האַצפעלד אין אָנהויב פון איהר בעקאַנטשאַפט מיט לאַסאַל'ן איז שוין געווען א פרוי פון א יאָהר 40, ער איז נאָך קיין פולע 20 ניט געווען אַלט. אַ חוץ שעהנקייט, האָט זי פערמאגט שכל, כאַראַקטער און טאַקט. די ליידען, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט, די ערניעדרונגען, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטעהן פון איהר אויסגעלאסענעם מאַן, דער אונאויפהערליכער קאַמפף, וואָס זי האָט געפיהרט מיט איהם — דאָס אַלץ האָט איהר אויסגעלערנט גיך צו דערקענען און אָבצושאַצען מענשען. שוין דערפאַר אַליין האָט איהר איינפלוס געדאַרפט ווירקען גינסטיג אויף לאַסאַל'ן.

פון דער אַנדער זייט האָט די בעקאַנטשאַפט מיט דער גראַפינע געמוזט אויך ברייגנען א טייל שאדען. ווי מיר האָבען געזעהן, האָט ער פון יוגענד אויף אַרויסגעוויזען א נייגונג צו פּוץ און גלאַנץ. פונקלען, בלישצען האָט ער געדאַרפט, זיין געקליידעט מעשה־פּראַנט און די מעבלירונג פון זיינע צימערן האָט געדאַרפט זיין פונקט ווי ביי אַריסטאָקראַטען. אַ בן יחיד ביי רייכע טאַטע מאַמע האָט ער דאָס אַלץ געקענט אויספיהרען. און אַז ער האָט זיך בעקענט מיט אַן אמת'ער גראַפינע, איז לאַסאַל שוין גאָר אַרויס פון די כלים. ער האָט גענומען געבען לוקסוס־מיטאַגען מיט די אויסגעקליבענסטע מאכלים, מיט וויינען „פון זיין אייגענעם קעלער, וועלכער איז דאָך בעוואוסט איבער גאַנץ בערלין". און דיעזער אונגעוועהנליך קלוגער מענש, דיעזער גרויסער געלעהרטער פלעגט אָבגעבען שטונדען אויף אבקלייבען און צופּאַסען זיך אַן אַנציגעל, אַ שניפּסעל, אַ הענדזשקעלע, און טעג, און וואָכען אויף נאָכלויפען א שהען פּנים'על—מעהרסטענס, פערהייראַטע פרויען פון מיטעלשטאַנד. און ער פלעגט זיך נאָך אויספּיינען מיט זיינע ע־פּאָלגען.

אָבער די פיהרונג פון אַ פּראָצעס, וואָס האָט געפאָדערט אַזוי פיעל קונסט, וויסען און אויסגעהאַלטענקייט, איז איהם אויך זעהר גוט צוניץ געקומען. שוין אָבגערעדט דערפון וואָס ער האָט אַ דאַנק דעם זיך טיעפער בעקענט מיט די יורידישע וויסענשאַפטען, און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו שרייבען אַזאַ וויכטיג ווערק ווי: „דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט“, — האָט דער פּראָצעס איהם געשאַפען פּאָפּולאַריטעט. זיין גלענצענדע פערטיידיגונג, וועלכע האָט אַרויסגעצייגט זיין געוואַלטיגע לאָגיק, זיין וואונדערבאַרע רעדענסקראַפט, אַ פערטיידיגונג, דורך וועלכע ער האָט פאַלשטענדיג געזיעגט איבער זיין געגנער, האָט איהם וועיט און ברייט בעריהמט געמאַכט, און אויך בעליעבט געמאַכט ביי די מאַסען אַלס פערטהיידיגער פון אונטערדריקטע און פערפאָלגטע.

און נאָך אַ טובה האָט ער געהאַט פון פּראָצעס: אַלס בעלוינונג האָט ער בעקומען אַ גאַנץ היבשע לעבענסלענגליכע פּענסיע, וואָס האָט איהם בעפרייט פון אַלע מאַטעריעלע זאָרג. ביי דיעזער געלעגענהייט וועלען מיר דערמאָהנען, אַז לאַסאַל פלעגט אָפּט רעדען וועגען דעם, ווי שענדליך עס איז צו האַנדלען מיט דער פּרוכט פון גייסטיגען שאַפען. אויף אַזאַ אופן זיינען קאַנט, פיכטע, העגעל, מאַרקס, וועלכע האָבען געקראָגען בעצאַהלט פאַר זייערע ווערק, געווען פערברעכער. יאַ, איהם איז גוט געווען צו ריידען נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען פערזאָרגט מיט אַ פּענסיע. און אויך אין דעם פיהלט זיך דער אַריסטאָקראַט פון קויפמאַנישען יחוס.

3.

ערשט ווען ער איז לויז געוואָרען פון פּראָצעס, האָט ער פערענדיגט (אין 1856) זיין פילאָזאָפישעס ווערק וועגען „העראַקליט דעם טונקלען“, וואָס איז שוין כמעט פאַרטיג געווען איידער ער האָט זיך גענומען פאַר׳ן פּראָצעס. די פערעפענטליכונג פון דעם ווערק (אין 1857) האָט לאַסאַל׳ן געשאַפען גרויס אַנזעהן צווישען די געלעהרטע. זיין צווייטעס הויפּט ווערק — „דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט“ האָט נאָך מעהר בעפעסטיגט זיין רעפּוטאַציע אַלס טיעפער און פיעלזייטיגער געלעהרטער, וועלכער צייכענט זיך נאָך דערצו אויס מיט אויסערגעוועהנליכען פלייס.

נו, און ביי דיעזער אַנגעשטריינגטער אַרבייט איבער פערפלאָנטערטע וויסענשאַפטליכע פּראָבלעמען, האָט ער קיינמאָל ניט דורכגעלאָזען אַ געלעגענהייט אַ הולע צו טהאָן מיט חברים ביי אַ פלאַש שאַמפּאַניער. און אויך די אַריסטאָקראַטישע פּריהשטיקס מיט די מיטאָגס האָט ער וויטער אָנגעהאַלטען. און האָט זיך נאָך גענומען צייט צו „שפּיעלען ליעבעס“ . . .

פערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט איהם קיין געזונד ניט צוגעגעבען. ער האָט זיין אָרגאַניזם אויסגעמאַטערט ביז גאָר, און די דאָקטוירים האָבען איהם אין 1860 אָוועקגעשיקט קיין אַכען. און דאָרט פערוויקעלט זיך ביי איהם אַ נייער ראָמאַן. אין האָטעל טרעפט ער זיך מיט אַ רוסיש מיידעל סאָפיע סאָלנצעווא, וועלכע האָט בעגלייט איהר קראַנקען פאַטער, אַ גוטסבעזיצער פון מיטעלען שטאַנד.

די מיידעל איז געווען אַ מיידעל ווי אַלע מיידלעך — ניט קיין שעהנע און אויך אָהן בעזונדערע גייסטיגע מעלות — לויט איהרע אייגענע ווערטער. נור אַן אינטעליגענטע רוסישע מיידעל, מיט אַ געפיהלפולען הארץ, און, ווי דער שטייגער איז געווען, מיט אַ פערלאַנג צו געהן העלפען דעם אונטערדריקטען פאָלק. לאַסאַל, וועלכער האָט ביז אַהער צו טהאָן געהאַט בלויז מיט די בעשרענקטע דייטשע בירגערינס, האָט זיך ניט געקענט אָב׳חדוש׳ען. „אַן אוצר פון אַלערליי אידעאַלע מעלות!“ — „די איינציגע פרוי אויף דער וועלט!“ און דער גרויסער דייטשער געלעהרטער, וועלכער איז שוין געווען אַ 35-גער, איז פערקאָכט געוואָרען ביז איבער די אויערן. אַזאַ ליידענשאַפט האָט אין איהם נאָך קיינמאָל ניט געברענט — איז ער זיך מודה.

ער שרייבט צו איהר באַלד ווי זיי האָבען זיך בעקענט: „ביז אַהער איז מיין ליעבע געווען אַ פּרעסענדער פייער — אָבער ניט פאַר מיר, פאַר דער פרוי: איך קען ניט איין פרוי, וועלכע, ווען עס האָט זיך איהר נור איין רגע געדוכט, אַז זי קען מיך געווינען, זאָל ניט שטרעבען דערצו מיט אַלע איהרע כוחות, דערפאַר טאַקע בין איך געווען אָבגעהיט מיט יונגע מיידלאַך . . .“

געוויס, אין פערגלייך מיט די דאַמען, וועלכע האָבען לאַסאַל׳ן געצערטעלט ווי אַ „צולאַענעם קינד“, איז סאָפיע סאָלנצעווא אַן אויסערגעוועהנליכער מענש. אָבער אַ גרויסען חלק צו דער „וואולקאַנישער ליידענשאַפט“, וואָס האָט אויפגעשטורעמט זיין ברוסט, האָבען בייגעטראָגען יענע אייגענשאַפטען זיינע, וואָס האָבען איהם גרויס און קליין געמאַכט — זיין גדלות, זיין געוועהנליכע עקשנות, וועלכע מוז איבערקומען אַלע שטערונגען.

לויט ווי סאָלנצעווא גיט איבער דעם עפּיזאָד*), האָט זי זיך געצייגט גאַנץ גלייכגילטיג צו לאַסאַל׳ס ליעבע אָנצוהערענישען. דאָס אַליין איז שוין גענוג געווען לאַסאַל זאָל אָנזאַטלען אַלע זיינע דיאַלעקטיש פעהיגקייטען: ער פערוואַרפט איהר מיט בריעף. ער שרייבט צו איהר

*) „אַ ראָמאַנטישער עפּיזאָד פון לאַסאַלס לעבען“. „וועסטניק יעוראָפּי“ 1877, 11.

אַ גאַנצע מגילה פון עטליכע צעהנדליג דרוקזייטען — אַ מין וידוי, וואו ער רעדט אָפענהערציג וועגען זיינע אינטימע געפיהלען, שטרעבונגען און געדאַנקען. דער וידוי האָט זיין צוועק ניט דערגרייכט, אָבער פאַר אונז איז ער וויכטיג אַלס דאָקומענט, אַלס קוועלע, פון וועלכער מיר קענען שעפּען ידיעות וועגען אַ גרויסען מענשען, און מיר וועלען ציטירען פון איהם שטיקלאַך.

דער דאָקומענט הויבט זיך אָן דערמיט, אַז ער לאַסאַל איז „זעהר און זעהר אַ שטאָלצער“ און דערפאַר האָט ער קיין חשק ניט אויפצוּוועקען ביי אַ פרוי צוקראָכענע געפיהלען“ . . . „די פרוי דאַרף מיר זיך אַוועקגעבען אַליין, איך זאָל איהר נעהמען אַ פאַרטיגע . . . ווען די פרוי האָט מיך ניט ליעב געקראָגען פון טיעפסטען האַרצען, געצויגען פון אַן אונבעזיעגבאַרער קראַפט — וועל איך איהר ניט קענען גליקליך מאַכען . . . די ליעבע פון אַ פרוי דאַרף זיין אַ פרעסענדע פלאַם . . . אַ שטורם אָהן אָבהאַלט“.

אַזאַ ליידענשאַפט, אָהן אַ גרענעץ, פאָדערט ער ניט פאַר זיך, נור פאַר דער פרוי גופא. צו זיך איז ער כלומרשט אַן „אכזר, האַרצלאָז ווי אַ פעלז פון גראַניט“, ער האָט קיין ברעקעל רחמנות ניט אויף זיך.

איהר זעהט, אַלזאָ, אַז לאַסאַל איז דאָ אַ גאַנצער אַלטרואיסט. ער זאָרגט זיך נור וועגען דער פרוי. ווי ווייט דאָס איז אמת און וואָס פאַר „אַ זעהר און זעהר שטאָלצער מאַן“ ער איז געווען אין אינטימע בעציהונגען, וועלען מיר באַלד זעהן. נאָך עפּעס: ער פערזיכערט דער מיידעל, אַז מיט דעם בריעף איז ער אויסען אָבצושטויסען איהר פון זיך, זי זאָל ניט „פערברענט ווערן פון דעם פלאַקער“ און דערפאַר שרייבט ער איהר.

וואָלט מען דאָך געקענט מיינען, אַז ער וועט נעהמען דערצעהלען פון זיך שרעקליכע זאכען. הויבט זיך ניט אָן. סאָפּיע איז געווען גלייכגילטיג, וויל ער איהר מאַכען ברענענדיג.

ער וויל אָנוואַרפען אויף דער מיידעל אַ מורא — מיט וואָס? „ער איז אַ מענש, וואָס האָט אָבגעגעבען זיין גאַנצע עקזיסטענץ פאַר איין זאַך, און קוקט ניט אויף קיינע קאָנזעקווענצען“. די זאַך וועט טריאומפירען, אָבער „מיין פערמעגען, מיין פרייהייט, מיין לעבען גופא זיינען אין שטענדיגער געפאַהר. ק י י ן ז א ך איז ניט זיכער מיט מיר: ווען איהר פעראייניגט זיך מיט מיר, איז אקוראַט ווי איהר וואָלט געבויט אַ הויז אויפ'ן שפּיץ פון אַ וואולקאַן“.

פערשטעהט זיך, אַז מיט אַזעלכע רייד קען מען אַ רוסיש מיידעל ניט אָבשטויסען, נור, פערקעהרט, צוציהען צו זיך. לאַסאַל האָט דאָס געוואוסט, און דאָס איז ביי איהם נור אַן אויספיינען זיך.

ווייטער געהט אַ שטיק פילאָזאָפיע, אַז קיין אַנדערע ניט, נור זי, סאָפּיע, וועט יאָ קענען טיילען מיט איהם אַזאַ שיקזאַל, און ער גרייט פאַר איהר אַן אַ נייעם „קלאַפּ“ — ער איז אַ איד. און פערכאַפּט זיך גלייך, דאָס ער איז פונקט אַזאַ איד, ווי זי און „אפשר נאָך וועניגער, אויב דאָס איז מעגליך“. און ער איז זיך מודה: „איך האָב גאָר ניט האַלט די אידען, בכלל האָב איך זיי אפילו פיינד: איך זעה אין זיי דעגענערירטע קינדער פון אַ גרויסער, אָבער שוין לאַנג פערשוואונדענער פערגאַנגענהייט. פון די יאָהר הונדערטע, וואָס זיי האָבען פערבראַכט אין קנעכטשאַפט, האָבען זיי בעקומען די אייגענשאַפטען פון קנעכט“. דערפאַר וויל ער מיט זיי גאָר ניט האָבען צו טהאָן. און דאָ קען ער זיך ניט אָבהאַלטען פון צו מאַכען זיך אין די אויגען פון דער געליעבטער פיעל וויכטיגער, ווי עס איז יעמאָלט געווען אין דער אמת'ן: „איך בין אין דער לאַגע פון אַ פאַרטיי־פיהרער, און קען דאַרום ניט בייטען מיין רעליגיאָן“—ערקלערט ער. צו זיין צייט האָט ליעבקנעכט געוואָרפען אַ חשד אויף דיעזער שטעלע פון סאַלנצעוואַ'ס מיטטיילונגען, ווייל דאָס איז דאָך פשוט ניט אמת געווען — אין 1860 איז נאָך קיין פאַרטיי ניט געווען און לאַסאַל איז קיין פיהרער ניט געווען. אָבער עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז לאַסאַל האָט דאָ איבערגעכאַפּט די מאָס, וועלענדיג בעווייזען וואָס פאַר אַ העלד ער איז.

„דאָך — שרייבט ער ווייטער — ווען עס וועט נויטיג זיין, איז ער גרייט צו שמד'ן זיך אויך: ווארים ער קען ניט צולאָזען דעם געדאַנק אפילו אָבצוזאָגען זיך פון ליעבע צוליעב עפּעס אַן אָבערגלויבען.“

דאָס זיינען אייגענטליך די אַלע „שרעקליכע“ זאכען, וועלכע דאַרפען דאָס דערווייטערן די מיידעל פון איהם. ער רעכענט אויך ווייטער אויס אַ פּאָר חסרונות, וועלכע זיינען אָבער אין גרונד גענומען מעלות, און נאַטירליך, האָט ער עס גוט געוואוסט.

אַזוי צ. ב. ש דערצעהלט ער, אַז „צווישען די געלעהרטע בין איך זעהר בעקאַנט, און איך ווער אַלץ מעהר און מעהר בעקאַנט“ . . . „מיט די גרעסטע בעריהמטהייטען, ווי הומבאָלדט, בעק און אַנדערע האַלט איך אַן פריינדשאַפט“. און ווייטער: „די גאַנצע געזעלשאַפט צוטיילט זיך אויף צוויי פאַרטייען: איינע — די אריסטאָקראַטיע און דער גרעסטער טייל בורזשואזיע האָבען מורא און האַסען מיך; די אַנדערע — דער איבעריגער טייל בורזשואזיע און דאָס גאַנצע פאָלק אכט מיך, ליעבט מיך, בעוואונדערט מיך און פערגעטערט מיך כמעט“. דאָס איז אויך ניט שלעכט. און פון דעם האַס, וואָס די אריס־

סטאָקראַטען און די רייכע האָבען כלומרשט דעמאָלט צו איהם געפיהלט, מאַכט ער זיך אויף צורעכט אַ לויבגעזאַנג: „די פיינד ערוואַרטען אויף פון מיר גרויסע זאַכען, זיי אַכטען מיך פונקט ווי די פריינד, און אפשר נאָך מעהר, ווייל זיי פערשטעהען מיך בעסער" און אַכטענדיג איהם, „ברענגען זיי מיט נאָך מעהר האַס און פערשפרייטען בלבולים וועגען מיר". גענויער, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ בעזונדערער האַס און וואָס פאַר אַ בלבולים, דערמאַנט ער ניט. דאָס האָט ער נור געדאַרפט, אום אויסצושיסען זיין שטאַרקסטען שאָס:

„איך בין אַלע מאָל געגאַנגען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, מיט פעראַכטונג אויף די ליפּען, מיט וואַפען אין די הענד, תמיד זיעגענדיג, כסדר פערוואונדענדיג, פערשעמענדיג די בלבול־מאַכער און טריאומפירענדיג איבער'ן האַס. פון אַלע אנפאַלען אויף מיר, פלעג איך ארויסקומען נאָך ריינער, נאָך גלענצענדער א. ז. וו."

און נאָכדעם ווי ער האָט בעשריעבען זיין מאַכט איבער די שונאים מעשה פּרעה מלך מצרים — יענע פלעגען לאָזען אויסקריצען אויף זייערע מצבות: איך האָב צושמעטערט דעם פיינד, גענומען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל געפאַנגען, פערכאַפּט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל קעמלען און ז. וו. אַ גאַנצער צעטעל — נאָכדעם וואָרענט ער איהר: „בעטראַכט נור, עס מאַכט זיך אַ קליינינגקייט . . . אַ מחנה שונאים . . . וועלען זיך בענוצען דערמיט געגען איך, געגען מיר, פערדרעהענדיג דאָס וואָס איהר האָט געזאָגט, געטראַכט . . ."

נאַטירליך, די אַלע „שרעקען" זיינען גאָר נישט ווערטה געוועזען אין די אויגען פון אַ געבילדעטער רוסישער מיידעל, בפרט נאָך ווען דאָס „פאָלק פערגעטערט איהם, און האַלט איהם פאַר אַ מענשען פון גרויסער געניאַליטעט און פון כמעט ניט מענשליכען כאַראַקטער און ערוואַרט פון איהם געוואַלטיגע אויפטהואונגען". דאָס איז אויך געוועזען איבערטריבען פאַר דאָס יאָהר 1860. אַ חוץ דער פערטיידיגונג פון דער גרעפין האַטצפעלד, האָט ער געהאַט אין אקטיוו זיין אונבעדייטענדען אנטייל אין דער רעוואָלוציע פון 1848.

„און נאָך עפּעס — דערמאַהנט ער ווי אגב אורחא — די פרויען פון מיין פּאַרטיי (אַזאַ פּאַרטיי איז נאָך צו יענער צייט ניט געוועזען!) וועלען אייך מקנא זיין, וואָס איהר האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ מענשען ווי איך, זיי וועלען זיך טראַכטען, אַז דאָס גליק, וואָס איהר בעקומט, שטייגט אַריבער אייער ווערטה . . . זיי וועלען אייך ניט קענען מוחל זיין, וואָס איהר זייט געווען ערפאָלגרייך דאָרט, וואו זיי זיינען דורכגעפאַלען" . . . און צולעצט וויל ער אויך פון איהר ניט בעהאַלטען, אַז „עס איז זעהר מעגליך, ווען געוויסע פּאַסירונגען וועלען פּאָרקומען, וועט אייער לעבען, ווען איהר וועט ווערן מיין פרוי, פלוצלינג ארומגערינגעלט ווערן פון אַ שטראָם בעוועגונג, רויש און גלאַנץ"... ער שרעקט דאָס איהר, און גיט דערביי אָנצוהערעניש וועגען דער גרויסאַרטיגער צוקונפט וואָס ערוואַרט זיי ביידען און ער מאָלט איהר אַ בילד, וואָס דאַרף פאַנגען איהר פאַנטאַזיע.

כאַראַקטעריסטיש זיינען יענע שטעלען אין זיין וידוי וואו ער צורעדט זיך וועגען געלד־ענינים. פריהער האָבען מיר געזעהן, ווי ער ריהמט זיך, אַז אין איהם איז קיין סמן ניטאָ פון בירגערליכע, בעזונדערס פון אידיש־קויפמאַנישע נייגונגען. דאָך, האָבען איהם אַלערליי געלד־חשבונות קיינמאָל ניט צורוה געלאָזט. ער איז געוועזען אויסגערעכענט ביז גאָר. אַזוי דערוויסט ער זיך פון גאַריבאַלדי, אַז ער גרייט צו אַן אויפשטאַנד אין איטאַליען פאַר דעם אָנהויב פון יאָהר 1860, און לאַסאַל איילט זיך מיטצוטיילען דעם סעקרעט זיין פאַטער, יענער זאָל זעהן אָבצוזעצען אויף דער בערזע געוויסע ווערט־פאַפּיערען. אויף אַזאַ מין אופן אויסצונוצען רעוואָלוציאָנערע פערבינדונגען — דאָס ברענגט שוין ארויס פון די כלים אפילו זיין בורזשואַזען ביאָגראַף הערמאַן אנקען, וועלכער פערהאַלט זיך אַזוי זעהר סימפּאַטיש צו איהם.

דערפאַר דאַרף אייך שוין ניט וואונדערן, אַז אין זיין וידוי צו דער געליעבטער האָט ער אין מיטען די שבחים, וואָס ער זינגט זיך אַליין, איינגעפלאָכטען אויך אַזעלכע מעלות זיינע: „איך פעראַכט דאָס געלד, ווען דאָס נעהמט קאָנקורירען מיט עטוואָס העכערען, איידעלערן, וואָס איז מעהר טייער פאַר מיין ווילען. אָבער געלד אַלס אַ מיטעל צו דערגרייכען די העכסטע, די גרעסטע רעזולטאַטען אויף דער ערד, אַלס אַזאַ מ י ט ע ל פאַר מיין ווילען . . . שעץ איך נאָך זיין ווערטה נאָך". און ער איז זיך אויך מודה מיט „דער אָפענהערציגקייט, וואָס צייכענט מיך אויס — אַזוי שרייבט לאַסאַל — אַז איך וואָלט פעהיג געוועזען צו הייראַטען אַ פרוי מיט 3—4 מיליאָן, זיך ניט רעכענענדיג מיט איהר פערזענליכקייט", ווייל „ג ע ל ד א י ז מ אַ כ ט".

איך גלויב פון דעסטוועגען, אַז אויך בעלינסקין, טשערנישעווסקי'ן, מאַרקסען איז דער ציעל טייער געוועזען פונקט אַזוי ווי לאַסאַלען, בעזונדערס ווי לאַסאַל'ען פון 1860, אָבער קיינער פון זיי וואָלט זיך אַזוי ווייט ניט „מוסר נפש" געוועזען צו געהן הייראַטען מיט 3—4 מיליאָן.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז לאַסאַל האַלט פאַר נויטיג צו געבען איהר אַ גענויען חשבון פון דעם וואָס ער פערמאַגט: „איך האָב פיער טויזענד טאַלער יעהרליכען איינקונפט; דאָס קען שוין געבען אונאַבהענגיגקייט. אמת, נאָך'ן טויט פון מיינע עלטערן, וועט מיר צוקומען נאָך 2—3 טויזענד . . . ביי אונז בעקומט אַזוי פיעל אַ גובערנאַטאָר . . . מען קען זיך זעהר בעקוועם

לעבען אויף אַזאַ סומע און ז. וו.״ מען מוז צוגעבען, אַז אַזוי פּראַקטיש אין ליעבע ענינים איז נאָך קיין איין גרויסער סאָציאַליסט ניט געווען!

נאָך אַ קליינעם ישוב הדעת, האָט סאָלנצעוואַ געענטפערט לאַסאַל׳ן, אַז זי פיהלט צו איהם בלויז פריינדשאַפט, אָבער ניט די ליעבע, וואָס ער פאָדערט. קלייבענדיג זיך אהיים מיט׳ן פאַטער, וועלכער איז שוין געזונד געוואָרען, שטימט זי איין צו פערפאָהרען אין בערלין צו זעהן זיך מיט איהם, אָבער זי נעהמט אויס מיט איהם אַ תנאי אַז ער זאָל ניט ריידען צו איהר וועגען זיין ליעבע. לאַסאַל פערשפּרעכט עס איהר.

לאַסאַל האָט וואָרט ניט געהאַלטען. ער איז געקומען אַ בלייכער, געזיפצט און געקרעכצט, און בלייבענדיג מיט איהר אַליין, האָט ער גענומען זיך בעטען, זי זאָל איהם ליעב קריגען. דאָס האָט געטהאָן דער זעלבער „שטאָלצער מאַן, וועלכער וואָלט בשום אופן ניט געוועקט קיין צוקראָכענע געפיהלען ביי אַ פרוי“.

די מיידעל, וועלכע האָט לאַסאַל׳ן זעהר געאַכט, איז נשתומם געוואָרען, זעהענדיג איהם אַזוי ערנידריגען זיך. „מיין העלד, מיין לעהרער — האָט זי שפּעטער געשריעבען — האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַן איינפאַכען שטערבליכען, וועלכער קליאַנטשעט ליעבע.

„— לאַסאַל איך ליעב אייך ניט, איך ליעב אייך גאָר ניט. עס טהוט מיר וועה פאַר אייך, אָבער איך האָב קיין אַנדערע געפיהלען צו אייך, ווי פריינדשאַפט! — האָב איך צו איהם געזאָגט, און טרעהרען האָבען מיר זיך געשטעלט אין די אויגען.

„— ניט אמת! — האָט ער אויסגעשריען — וואָרט מיין פרוי, איהר וועט מיך ליעב קריגען, איהר׳ט זעהן, איהר וועט מיך ליעב קריגען.

און לאַסאַל האָט ניט נור געמאַטערט ביז טרעהרען די פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט, ער האָט זיך אויך ערנידריגט פאַר איהר פאַטער. ער האָט איהם גענומען איינרעדען, אַזש מיט טרעהרען אין די אויגען:

— מאַכט אַזוי זי זאָל מיך ליעב קריגען, גיט מיר איהר וואָרט . . .

„און צופאַלענדיג צו מיין פאַטערס ברוסט האָט ער זיך צוואויינט אויף אַ קול... איך האָב זיך אויך צוואויינט.“

אַ ריהרענדע און צוגלייך ערנידריגענדע סצענע פאַר אַזאַ גרויסען מאַן ווי לאַסאַל. דאָך, איז ער ניט אָבגעטרעטען פון איהר ביז דער לעצטער מינוט פון איהר זיין אין בערלין און אַלץ געבעטען, געפאָדערט און געבעטעלט ליעבע. ער האָט זיי בעגלייט אויפ׳ן וואָקזאַל. און ווען דער צוג האָט זיך גערוהרט פון אָרט, האָט זי איהם נאָך אַלץ געזעהן שטעהענדיג מיט צונויפגעלעגטע הענד, אַ בלייכען, אַ טרויעריגען, מיט דעם אויסדרוק פון געבעט אויפ׳ן געזיכט.

נאָכדעם ווי סאָלנצעוואַ איז אָבגעפאָהרען האָט זיך אָנגעהויבען די קאָכעדיגסטע און פרוכטבאַרסטע פעריאָדע פון לאַסאַלס טעטיגקייט. אַריינלאָזען זיך ברייטליך אין דער בעשרייבונג פון דעם, וואָס לאַסאַל האָט אויפגעטהאָן פאַר דער בעשאַפונג פון אַ דייטשער אַרבייטער בעוועגונג, וועל איך ניט. איך וויל זאָגען בלויז אין קורצען:

פון 1861 האָט לאַסאַל אין גאַנצען זיך אָבגעגעבען מיט דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון זיינע אידעען — אַלגעמיינע שטימרעכט, און רעגיערונגס סובסידיעס פאַר פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַציאָנען. און ווי אין אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך גענומען, האָט ער אויך דאָ אַרויסגעוויזען אַן איבעראַשענדע ענערגיע — פעסטקייט, שכל און קענטניסע, וואָס צו זיי זיינען קיין גלייכע ניט געווען. אין אַ קורצע שטיקעל צייט לאָזט ער אַרויס אַרום 20 ביכער און בראָשורען צו פערטיידיגען די אַרבייטער־אינטערעסען געגען די בורזשואַזע שרייבער. גלייכצייטיג האָט ער אָנגעפיהרט אַן אַגיטאַציע אויף אַרבייטער־מיטינגען, וועלכע האָבען געצויגען אַזעלכע מאַסען, וואָס דייטשלאַנד האָט דאָס נאָך ניט געזעהן. אין פיעלע ערטער פלעגט די בעפעלקערונג איהם בעגעגענען מיט קעניגליכע פּאַראַדען — די שטעדט פלעגען זיך אויספּוצען מיט פאָהנען און די איינוואוינער אין יום־טוב׳דיגע בגדים. קיין לאַנד האָט דאָס ניט געזעהן. פערשטעהט זיך, אַז די רעגיערונג האָט ניט געשוויגען. איהרע פּראָקוראָרען און ריכטער פלעגען שוין אויסגעפינען שטראָפבאַרע שטעלען אין זיינע רעדען און ביכער און פערפיהרען געגען איהם פּראָצעסען. און די פּראָצעסען פלעגען איהם נור געבען געלעגענהייט פאַר גלענצענדע פערטיידיגונגען, וועלכע פלעגען אַרויסרופען נאָך מעהר ענטציקונג אין די רייהען פון די אַרבייטער־מאַסען און פערגרעסערען זיין טריאומף.

ווי בעקאַנט, איז אונטער דער ווירקונג פון זיין אַגיטאַציע בעשאַפען געוואָרען דער „נאָרד־דייטשער אַרבייטער פעראיין“, און לאַסאַל איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט מיט דיקטאַטאָרישער מאַכט. דער קרייז פון זיין טעטיגקייט האָט זיך נאָך מעהר אויסגעשפּרייט, זיין מאַכט, זיין בעדייטונג איז געוואַקסען וואָס פון טאָג, וואָס פון שעה. דער אייזערנער קאַנצלער אַליין, פירסט ביסמאַרק, האָט געפונען פאַר נויטיג אָנצוהויבען מיט איהם אונטערהאַנדלונגען. און עס האָט געשיינט, אַז לאַסאַלס דרייסטעסטע פלענער הויבען זיך אָן צו פערווירקליכען. אָבער דאָ האָט זיך ווידער אונטערגעמאַכט אַ יונגינקע און שעהנינקע מיידעלע, וועלכע האָט ניט נור איבערגעריסען לאַסאַל׳ס פּאָליטישע טהעטיגקייט, נור אויך איהם אַליין געבראַכט צו אַ פריהצייטיגען קבר.

* * *

די אַלע אַנשטרענגונגען האָבען זעהר אויסגעמאַטערט לאַסאַל'ס קרעפטיגען אָרגאַניזם און ער האָט זיך דערפיהלט מיעד. ער קלאָגט זיך : „איך וועלגער זיך אָב ביז 5 אַזייגער אויפ'ן בעט און איך הויב זיך אויף מיט אַ געשוואָלענעם קאָפּ“. און עס האָט אויך געווירקט דאָס, וואָס דער „נאָרד־דייטשער אַרבייטער פערייין“ און ניט געוואַקסען אַזוי גיך, ווי לאַסאַל'ן האָט זיך געוואָלט. ער האָט געהאָפּט אויף הונדערטער טויזענדער, און געקומען זיינען בלויז הונדערטער. דאָס האָט איהם פערביטערט און אויפגערעגט.

צו דער גרעפין האַטצפעלד שרייבט ער : „איך וויל קיין זאַך ניט אַזוי ווי לויז צו ווערען פון פּאָליטיק און אָבגעבען זיך מיט וויסענשאַפּט, פריינדשאַפּט און נאַטור־פריידען. איך בין זאַט פון דער פּאָליטיק ביז'ן האַלז . . . אמת, ווען עס וועט זיך מאַכען וואָס ערנסטעס, ווען איך וועל בעקומען מאַכט, וועל איך זיך אַ נעהם טהאָן מיט מעהר ליידענשאַפט, מיט מעהר ברען . . . אָבער פאַר קינדערשפּיעל בין איך צו אַלט און צו גרויס. איך האָב מורא, אַז די געשעהעניסען וועלען זיך ענטוויקלען צו לאַנגזאַם, און מיין היציגע נשמה פערטראָגט ניט קיין קינדערקראַנקהייט . . . אה, ווי וואָלט איך געוואָלט זיך בעפּרייען !

אין אַזאַ פּעסימיסטישע שטימונג איז ער אַוועק אין קוראָרט קאַלטבאַך וואָס אויפ'ן באַרג ריגי, איבער דער פיערוואַלדשטעטישער אַזערע, וואוהין די דאָקטוירים האָבען געשיקט.

איינמאָל אין אַ כמורנעם, קאַלטען טאָג — עס האָט געשפּריצט אַ רעגענדעל — האָט זיך לאַסאַל דערפיהלט בעזונדערס איינזאַם. די בערג אַרום און אַרום זיינען געווען בעלעגערט מיט געדיכטע וואָלקענס, און ער האָט זיך דערפיהלט ווי אָבגעריסען פון אַלע לעבעדיגע בעשעפּעניסען. פּלוצלינג האָט זיך איהם דערמאָהנט אַ יונגינקע מיידעלע, וואָס ער האָט איהר בעגעגענט אין בערלין מיט 2 יאָהר צוריק. מיט איהר לעבעדיגען כאַראַקטער, ניט געצוואונגענער האַלטונג, מיט איהר דרייסטקייט און אורטיילען און איהר שעהנעם אויסזעהן איז זי איהם זעהר געפעלען — שוין דעם ערשטען אבענד האָט ער איהר פאָרגעשלאָגען צו ווערען זיין פרוי.

דאָס איז געווען העלענא פאָן־דעניגעס, די טאָכטער פון אַ בעאַמטען פון באַיערישען אויסלענדישען מיניסטעריום. זי איז אַלט געווען אַ יאָהר 19, ער 37. איהר האָט זעהר געשמייכעלט, וואָס אַזאַ מערקווירדיגער מאַן שענקט איהר אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט. אָבער אויף זיין פאָרשלאָג האָט זי דאַמאַלס קיין בעשטימטען ענטפער ניט געגעבען. די עלטערן — גרויסע יחסנים ביי זיך — וואָלטען ניט איינגעווי־ליגט אויפ'ן שידוך — אַ איה, אַ סאָציאַליסט, אַן אַגיטאַטאָר. דערצו נאָך האָט זי שוין געהאַט אַ חתן — דעם רומענישען סטודענט יאַנקאַ ראַקאָוויץ.

האָט לאַסאַל די פראַגע געלאָזט אָפען. שפּעטער איז ער פערכאַפּט געוואָרען פון פּאָליטיק. און איצט, נאָך צוויי יאָהר, האָט ער זיך דערמאָנט, און ער זעצט זיך שרייבען אַ בריעף צו אַ בעקאַנטען, צו דערגעהן וואו זי איז.

פּלוצלונג קומט אריין אַן אינגעלע און זאָגט איהם אָן, אַז עפּעס דאַמען וואַרטען אויף איהם דרויסען. ער געהט אַרויס, דערקענט צווישען עטליכע אונבעקאַנטע דאַמען העלענא פאָן־דעניגעס, זיין „גאָלדלאָקיגע ציקעלע“, ווי ער האָט איהר דאַמאַלס אָנגערופען. דאָס איז פאַר איהם געווען ווי אַ צייכען פון שיקזאַל און איינזאַם ווי ער האָט זיך דאַמאַלס געפיהלט בעשליסט ער צו הייראַטען מיט העלענא פאָן־דעניגעס.

עס שיינט, אַז דאָס מאָל איז אויך לאַסאַל איהר מעהר געפעלען, וואָרים זי האָט תיכף אָנגעשריעבען איהר חתן ראַקאָוויצען, אַז זי געהט חתונה האָבען מיט לאַסאַל'ן, און טאָמער וועלען די עלטערן ניט וועלען, וועט זי געהן געגען זייער ווילען.

זיין האַלטונג צו איהר איז געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי צו סאָפיע סאַלנצעווא. יענע האָט ער פערגעטערט, די ליעבע איז געווען געהייליגט דורך עהרפורכט. אויף דער העלענא האָט ער געקוקט ווי אויף אַ כאַראַקטערלאָזעס וועזען, מיט וועלכען ער קען טהאָן וואָס ער וויל. מיט איהר ווילען האָט ער זיך גאָר ניט גערעכענט.

אין אַ געשפּרעך מיט איהר האָט ער איהר איינמאָל אַזוי געזאָגט, לויט ווי זי גיט איבער אין איהרע ערינערונגען : „ווי לאַנג עס קלאַפּט אין מיר אַן אָדער וועל איך דיר קיינעם נישט אַוועקגעבען. אין ערגסטען פאַל וועל איך דיך צונעהמען פון דער חופּה. איך זאָג עס פייערליך : דו פּרוביר אפילו ניט געהערען אַן אַנדערן, איך וועל עס ניט דערלאָזען, איך וועל דיך פאָדערן ווי מיין אייגענטום“. פאַר דעם גרויסען סאָציאַליסט איז דאָס ווייב נאָך געווען אַ שטיק אייגענטום . . . און זיין שטאַנדפּונקט אויף ליעבע איז ניט ווייניגער מערקווירדיג :

„ווען אַ פרוי ליעבט מיך, דאַרף זי זיך אַוועקגעבען מיר אין גאַנצען, אויפלעזען זיך אין מיר. און זי דערפאַר קען נור בעקומען אַ שטיקעלע פּלאַץ אין מיר. כאָטש זי האָט זיך אַוועקגעגעבען אין גאַנצען, בעקומט זי צוריק נור אַ טיילכעלע פון מיין נשמה. דאָס איז דער געוועהנליכער און נאַטירליכער אונטערשיעד צווישען אַ מאַנס און אַ פרויס ליעבע . . . אַ פרוי קען און מוז זיך אַוועקגעבען אין גאַנצען, אַלס פּאָלשטענדיגעס אייגענטום . . . די, וואָס ליעבט מיך, דאַרף

ווערען אַ ט י י ל פון מיין וועזען . . . ליעבען דאָס, וואָס איך ליעב, טראַכטען אַזוי ווי איך."

אַ שקלאַפען־האַר האָט אַזעלכע פאָדערונגען קיינמאָל ניט געשטעלט צו זיין שקלאַף. מיט אַ שקלאַפין האָט דער גרויסער מאַן זיך געוואָלט פערבינדען. דאָך, אפילו פאַר דער שקלאַפין האָט דער האַר געזוכט צו מאַכען דעם גרויסען אנשטעל:

„קוק אויף מיר — האָט לאַסאַל איינמאָל צו איהר געזאָגט, צופיהרענדיג זי צום שפיעגעל — בין איך עהנליך צו אַ מענשען, וועלכער וועט זיך בענוגענען מיט דער צווייטער ראָלע אין דער מלוכה? שוין זשע וועל איך אוועקגעבען דעם שלאָף פון מיינע נעכט, דעם מאַרך פון מיינע ביינער, די קראַפט פון מיינע לונגען, צו מאַכען פלאַץ פאַר אַן אנדערען? וואָס בין איך עפּעס אַ פּאָליטישער מארטירער! ניין, איך בין גרייט צו אַרבייטען, צו קעמפפען, אָבער איך וויל זיך אויך פרעהען מיט דעם עראָבערטען פּרייז און אַרויפליינען אויף דיין קאָפּ — לאָמיר זאָגען דערווילע — דעם זיעגעס־קרוין. קוק, זיינען מיר דען ניט ביידע אַ שטאָלצע קעניגליכע פּאָאַר? „פערדינאַנד דער אויסערוועהלטער פון פאָלק" — אַזוי זאָלען זיי מיך רופען, ווען עס וועט זיך איינגעבען אונזער זאַך און מיר וועלען פייערליך אַריינפאָהרען אין בערלין אין אַ זעקס־געשפּאַן."

איז דען אַ וואונדער, אַז דער אָרימער מיידעל, פאַר וועלכער מען האָט אַזעלכע כשוף־בילדער געמאָלט, האָט דעם אטעם פערכאַפּט און דער קאָפּ האָט איהר גענומען שווינדלען. אָה, זי וועט הויך און וויט פליהען מיט איהר „שטאָלצען, מאַיעסטעטישען אָדלער". קיינמאָל אין לעבען וועט זי זיך פון איהם ניט אָבזאָגען— פאַר קיינע גליקען אין דער וועלט. אויסגעפאַלען איז אָבער אַנדערש.

לאַסאַל איז אַוועק מיט העלענע'ן קיין זשענעוו, וואו איהר פאַטער איז דעמאָלט געוועזען באַיערישער געזאַנדטער. ער לאַסאַל וועט זיך בעקענען מיט איהרע עלטערן און פּועל'ן ביי זיי, זיי זאָלען איהם געבען די טאָכטער. געוויס, ער לאַסאַל — ער איז געוועזען זיכער אין דעם. אָבער ווען די עלטערן האָבען זיך דערוואוסט פון העלענען וועגען איהרע בעציהונגען צו לאַסאַל'ן, זיינען זיי אויסער זיך געוואָרען. סטייטש, מיט אַזאַ משונה'דיגער בריאה, ווי לאַסאַל! קיינמאָל אין לעבען! דער פאַטער האָט געסטראשעט ער וועט איהר פערשליסען און קיינעם ניט צולאָזען צו איהר.

און דער פאַטער האָט געקענט האַלטען וואָרט. ער איז געוועזען אַן אכזר און אַ דעספּאָט. האָט העלענע זיך בענוצט מיט דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט און איז אנטלאָפען צו לאַסאַל'ן אין האָטעל. זאָלען זיי ביידע פאָהרען און שטעלען חופּה. אָבער לאַסאַל האָט גענומען שפּיעלען זיין הויכמוטהיגע ראָלע — ניט אַנדערש ער וויל זי נעהמען פון טאַטענס הויז! און ער איז נאָך אָנגעפאַלען אויף דער אַזוי שוין אויך אָנגעשראָקענער מיידעל, פאַר וואָס זי האָט אויסגעזאָגט פאַר דער צייט און פאַרוואָס איז זי אנטלאָפען. און כדי עס זאָל אויסקומען שוין גאָר לייטיש, ניט צו קאָמפּראָמיטירען די מיידעל, אַז זי איז געוועזען אַליין מיט אַ בחור, פיהרט ער איהר אַוועק צו אַ בעקאַנטער דאַמע.

אַהין איז באַלד אָנגעקומען איהר מוטער, אַן אויפגערעגטע. דערזעהענדיג לאַסאַל'ן, האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפען אויף איהם: איהר פערפיהרער פון מיין טאָכטער! — פערפיהרער? אין איהם האָט זיך אויפגעכאַפּט דער „אַריסטאָקראַט" און ריטער — ער וועט בעווייזען דער נאַרישער פרוי, אַז ער איז ניט קיין פערפיהרער — העלענא, ווילסט טהאָן וואָס איך וועל דיר הייסען? — אַלץ. — טו קעהר זיך אום צו דיינע עלטערן. זעהט איהר, ליעבע פרוי, וואָלט איך געוועזען אַ פערפיהרער, וואָלט איך איהר ניט געשיקט צוריק אַהיים.

זעהר ערהאַבען! ער האָט געוואוסט פון דער מיידעל, אַז דאָרט וועט זי האָבען אויסצושטעהן צרות און בזיונות. אָבער ער האָט זיך מיט דעם ניט גערעכענט. זי איז דאָך ניט מעהר ווי אַ שטיקעל קינפּטיגעס אייגענטום. ער לאַסאַל האָט געדאַרפט זיי ווייזען. זיין האָנאָר האָט מען אָנגעריהרט.

דאָס הויז איז געוואָרען פאַר דער מיידעל ווי אַ געפענגניס. דער פאַטער האָט געסטראַשעט, ער וועט איהר גיכער דער'הרג'ענען, איידער איינשטימען אויף איהר חתונה מיט לאַסאַל'ן. קיינע בריעף זיינע צו איהר האָט מען ניט צוגעלאָזען.

דאָ האָט לאַסאַל איינגעזעהן, אַז ער איז בעגאַנגען אַ נאַרישקייט. און ער נעהמט אַרבייטען מיט דער גאַנצער ענערגיע, אויף וועלכער ער איז געוועזען פעהיג, די מיידעל צוריק צו בעקומען. ער שטעלט אויף די פיס אַלע זיינע פריינד. ער שיקט פונאַנדער בריעף אין אַלע עקען דייטשלאַנד. ער פליהט פון שטאָדט צו שטאָדט. ער זעהט זיך מיט'ן באַיערישען אויסלענדישען מיניסטער, ער זאָל זעהן צו ווירקען אויף זיין אונטערגעאָרדענטען בעאַמטען פאָן דעניגעס. דורך דער גרעפין האַטצפעלד זוכט ער די הסכמה פון קאַרדינאַל. דורך הומבאָלדט'ען וויל ער צוקומען צום באַיערישען קעניג.

אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער האָט זיך געפונען, זעהען מיר פון זיינע דאַמאָלסדיגע בריעף. צו זיין פריינד קאָלאָנעל ריסטאָוו שרייבט ער, אַז „דאָ האַנדעלט זיך וועגען טויט און לעבען". דער גרעפין האַטצפעלד, אַז ער „ווינט און עסט זיך אויף לעבעדיגערהייד פאַר זיין האַנדלונג — פאַר דעם פערברע־

כען פון זיין נאַרישקייט". העלענא'ן מוז ער אַרויסרייסען מיט געוואַלט. „ווען איך וועל ניט אויספיהרען — און איך צווייפעל שטאַרק — וועל איך מאַכען אַ סוף צו אַליז. דאָס בע־וואוסטזיין, אַז שולדיג איז מיין אייגענע נאַריש־קייט, וועט מיך אפשר נאָך מעהר צוברעכען, ווי דער פערלוסט פון דעם מיידעל. ווען איך וועל ניט פעררינכטען מיין נאַרישקייט מיט אַ זיעג, וועל איך פיהלען צו זיך די גרעסטע פעראַכ־טונג".

אָט וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט פאַר לאַסאַל'ן אין דעם קאַמפף, וואָס ער האָט נעפיהרט מיט אַזאַ טייוועלשער ענערגיע. קען שוין אימיצער צווייפלען אין דעם? ניט אַזוי די מיידעל, ווי זיין פערוואונדעטע אייגענליעבע, ווי זיין בענאַרישען זיך מיט זיין זיכערהייט, אַז ער מוז אַרויסקומען דער זיעגער פון יעדער שווע־רער לאַגע.

און צו דער מיידעל האָט ער געהאַלטען אין איין שרייבען פייערינע בריוועלאַך.

אָבער די אַלע בריוועלאַך פלעגען צו איהר ניט אָנקומען אין האַנד. דער פאַטער האָט איהר אַוועקגעשיקט אין די בערג און אויסגע־שריבען פון דייטשלאַנד איהר פריהעריגען חתן יאַנקאָ ראַקאָוויץ. ער האָט אויסגערעכענט, אַז די שוואַכע כאַראַקטערלאָזע העלענאַ וועט אין איינזאַמקייט פערגעסען זיך אָן לאַסאַל'ן און צוריק זיך צוגעוועהנען צו ראַקאָוויץ'ען. זיין חשבון איז געווען אַ ריכטיגער: זי האָט גע־נומען ענטפערן אויף די בריעף פון איהר „מאַיע־סטעטישען אַדלער" קורץ און שאַרף: „איך האַלט זיך און איך פריי פון אַלע פערפליכ־טונגען".

אָבער לאַסאַל האָט ניט געגלויבט. דאָס האָט מען ביי איהר אַרויסגעצוואונגען. און ער האָט אַליין געאַרבייט צו פועל'ן אַ פערזענליכע צוזאַמענטרעפונג מיט איהר.

* * *

געענדיגט האָט זיך דיעזער פערצווייפעל־טער קאַמפף, וואָס האָט אָנגעהאַלטען 4 וואָ־כען, אַזוי ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען: „די „גאָלדגעלאָקטע ציקעלע" האָט אונטער דעם איינפלוס פון איהרע אַרומיגע ערקלעהרט דעם מיניסטערס ספּעציעלען קאָמיסאַר, אין דער אַנ־וועזענהייט פון קאַלאַנעל ריסטאַוו, אַז זי וויל לאַסאַל'ן ניט אַנקוקען, אַז זי האָט איהם פיינד און אַז זי געהט חתונה האָבען מיט אַן אַנדערן (מיט יאַנקאָ פאָן ראַקאָוויץ).

דערויף האָט לאַסאַל געענטפערט מיט אַ שרעקליך בעליידיגענדען בריעף צו העלענאַס פאַ־טער: ער זאָגט זיך אָב פון „דער אונפערשעמ־טער מיידעל", ער וויל זיך ניט „אַנטהאָן די שאַנדע חתונה צו האָבען מיט איהר" און ער פאָדערט בעפרידיגונג פאַר די אָנגעטהאָנענע בזיונות.

דאָס האָט געהייסען אַן אַרויסרוף אויף אַ דועל. פאָן דעניגעס האָט דעם דועל אויסגענומ־מען, אָבפאָהרענדיג פון זשענעוו. אָנגענומען האָט דער נאָהענטסטער מענש פון דער פאַמיליע — יאַנקאָ ראַקאָוויץ.

וויפיעל לאַסאַל'ס סעקונדאַנט האָט אין איהם ניט אַריינגע'טענה'ט, ער זאָל זיך אָביסעל צולערנען שיסען, האָט ער עס ניט געקענט פועל'ן ביי איהם. אַפילו שיעסען קען ער לאַסאַל אויך בעסער פון אַלעמען. ער וועט ניט נור טויטען העלענאַס חתן, נאָר אויך איהר פאָטער וועט ער צווינגען זיך שלאָגען מיט איהם.

דאָס שיקזאַל האָט אַנדערש געוואָלט: דעם 31 אויגוסט, פון 1864, 7 אַ זייגער אין דער פריה איז לאַסאַל געפאַלען אַ טויטליך פערוואונ־דעטער נעבען באַרג סאַלעוו, ניט ווייט פון זשענעוו.

* * *

זיין קערפּער איז איבערגעפיהרט געוואָרען קיין ברעסלוי, זיין געבורטסשטאָדט, און איז בע־גראָבען געוואָרען אויפ'ן אידישען בית־עולם. אויף דער מצבה זיינען אויסגעקריצט די ווערטער פון זיין פריינד, דעם געלעהרטען בעק: דאָ ליעגט דאָס שטערבליכע, וואָס איז געבליעבען פון לאַסאַל'ן.

אָט איז שוין 50 יאָהר ווי יאָהר איין יאָהר אויס קומען זיך צונויף צו זיין יאָהרצייט מאַסען אַרבייטער אויפ'ן אידישען בית עולם אין ברעסלוי און אין קאַרוזש — דעם פּלאַץ פון זיין טויט — צו פייערן דעם אַנדענקען פון זייער גרויסען פיהרער.

אויסער קאַרל מאַרקס'ען, איז נאָך ניט געווען אַזאַ פּאָפּולערער נאָמען ביי די אַרבייטער ווי פערדינאַנד לאַסאַל.

„אָבער פאַרוואָס איז אומגעקומען אַזוי פריהצייטיג דיעזער גרויסער מאַן?" — וועט דער לעזער פרעגען. וועלען מיר ענטפערן: לאַסאַל האָט בעצאָהלט מיט'ן לעבען פאַר זיין איבערגעטריבענע איינגעגלויבטקייט אין זיך. ווען ניט די געשיכטע מיט העלענאַ פאָן דעניגעס, וואָלט זיך געמאַכט אַן אַנדער פאַל. ניט אָהן רעכט בעהויפּטען פיעלע, אַז לאַסאַל איז גע־שטאָרבען אין צייט, איבערלאָזענדיג ביי די אַר־בייטער אַ פּאָרשטעלונג פון זיך ווי פון אַ קרבן פון די הערשענדע קלאַסען, וועלכע האָבען אויס־געפלאָכטען פאַר איהם אַן אינטריגע. עס האָט נאָך געקאָנט אַנדערש טרעפען.

לאַסאַל איז געווען אַ גרויסער מענש מיט גרויסע חסרונות. די חסרונות האָט ער טייל־ווייז גע'ירש'ענט פון זיינע עלטערן. טיילווייז זיינען זיי אין איהם איינגעפלאַנצט געוואָרען דורך דער ערציהונג. דער עלטער אמת איז דורך איהם בעשטעטיגט געוואָרען, אַז עס גיט ניט קיין פאָלקאָמענהייט צווישען מענשען.

ח. ראַפּאַפּאָרט

לאַסאַל׳ס אייזערנער געזעץ און דער מאַרקסיזם

דעם 12 אַפּריל פון יאָהר 1862 האָט לאַסאַל געהאַלטען פאַר די בערלינער אַרבייטער זיין היסטאָרישע רעדע, איצטער בעוואוסט אונטער׳ן טיטעל— דאָס אַרבייטער פּראָגראַם, אָדער „וועגען דער בעזונדערער שייכות צווישען דער איצטיגער היסטאָרישער פּעריאָדע און דער אידעע פון אַרבייטער שטאַנד. אָט די רעדע האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט, אונטער פיעלע אַנדערע, אויך פון „צענטראַלען קאָמיטעט פאַר דער צונויפרופונג פון אַן אַלגעמיינעם דייטשען אַרבייטער־קאָנגרעס אין לייפּציג“. און יענער האָט זיך געווענדעט צו לאַסאַל׳ן מיט אַ פאָרשלאַג, צו ערקלערען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן זיין שטאַנדפּונקט אויף דער אַרבייטער בעוועגונג, אויף די מיטלען, וואָס שטעהען איהר צו געבאָט, און בעזונדערס אויף דער ווערטה פון גענאָסענשאַפטליכע אַסאָסיאַציעס פאַר די אונבעמיטעלטע פאָלקסמאַסען. אויף דיעזען פאָרשלאַג פון די לייפּציגער אַרבייטער האָט לאַסאַל אין מערץ פון יאָהר 1863 געענטפערט מיט דעם בעריהמטען „אָפענעם שרייבען צום צענטראַלען קאָמיטעט“, וואו ער רעדט אויספיהרליך אַרום דעם אַזוי גערופענעם „אייזערנעם געזעץ פון אַרבייטער־שכירות“, וואָס שטעהט אין מיטעל־פּונקט פון זיין, לאַסאַל׳ס, אַגיטאַציע. לאַסאַל אַליין איז געווען איבערצייגט, אַז די פערעפענטליכונג פון זיין „אָפענעם שרייבען“ וועט האָבען דיזעלבע געשיכטליכע בעדייטונג, ווי די פערעפענטליכונג פון „לוטער׳ס רעליגיאָנס טעזיסען אין דער שלאָס־קירכע פון ווירטענבערג“ (פון לאַסאַל׳ס אַ בריעף). ווי בעוואוסט, האָבען דיזע טעזיסען אַרויסגערופען אין 1517 אַ רעליגיעזע רעוואָלוציע, בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען — רעפאָרמאַציאָן.

פריהער פון אַליץ, וואָס איז דאָס אַזוינס דער בעריהמטער אייזערנער געזעץ?

אָט איז זיין טעקסט, אין לאַסאַל׳ס אייגענע ווערטער:

„ביי די איצטיגע בעציהונגען, אונטער דעם סיסטעם פון אָנבאָט און נאָכפראַגע אויף אַרבייט, ווערט די אַרבייטער שכירות בעשטימט דורך פאָלגענדען אייזערנעם געזעץ: די דורכשניטליכע שכירות שטעלט זיך תמיד איין אויף דער סומע, וואָס איז אונבעדינגט נויטיג, לויט די לעבענסגעוואוינהייטען פון פאָלק, פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער עקזיסטענץ פון די אַרבייטער און זייער פערמעהרונג. און אַרום דעם פּונקט בעוועגט זיך די ווירקליכע טעגליכע שכירות, ווי אַ פּערפּענדיקעל, קיינמאָל זיך ניט אויפהויבענדיג אויף לאַנג איבער איהם און קיינמאָל זיך ניט אַראָבלאָזענדיג אויף לאַנג אונטער איהם. זי קען זיך ניט אויפהויבען אויף לאַנג איבער׳ן דורכשניט, ווייל דאַן וואָלט צוליעב דעם בעסערען מעמד פון די אַרבייטער, ביי זיי געשטיעגען די צאַהל הייראַטהען, וואָלט זיך געשטאַרקט די פערמעהרונג, וואָלט געוואַקסען די בעפעלקערונג, און דאָס ווידער וואָלט פערגרעסערט דעם אַנבאָט פון אַרבייטער־הענד און אויף אַזאַ אופן אַראָבגעזעצט די שכירות ביז צום דורכשניט און נאָך נידריגער.

אָבער די שכירות קען אויף לאַנג זיך ניט האַלטען אונטער דער סומע, וואָס איז אונבעדינגט נויטיג אויפצוהאַלטען דעם אַרבייטערס עקזיסטענץ, ווארים דאָס וואָלט אַרויסגערופען עמיגראַציע, אַרבייטסלאָזיגקייט, פערמינדערונג פון געבורטען און, אין סך־הכל, אַ פערקלענערונג פון דער צאַהל אַרבייטער, אַלס פּועל יוצא פון זייער פעראָרימונג. אַלעס צוזאַמען וואָלט אָבגעשוואַכט דעם אַנבאָט פון אַרבייטער־הענד, וואָס דאָס וואָלט שוין אויפגעהויבען די שכירות ביז צו איהר פריהעריגער הויך.

אַלזאָ, דער ווירקליכער דורכשניט פון אַרבייטער שכירות וויעגט זיך כסדר אַרום דעם דאָזיגען שווערפּונקט. ווען דער דורכשניט הויבט זיך אויף איבער איהם, רעדט מען וועגען בליהענדע צייטען, „פּראָספּעריטי“, פון אַלע אָדער אייניגע אַרבייטס־צווייגען; ווען ער פאַלט אַרונטער, רעדט מען וועגען מעהר אָדער וויינער פערשפּרייטע קריזיסען.“

לאַסאַל, פאָרמולירענדיג זיין געזעץ, גיט נאָך צו:

„קיינער קען ניט בעשטרייטען דיעזען גע־

זעץ. איך קען בריינגען פאר איהם אזוי פיעל אויטאריטעטען אלס עדות, וויפיעל עס זיינען נור פארהאן אין דער עקאנאמישער וויסענשאפט גרויסע און בעריהמטע נעמען, און דוקא אלץ פון דער ליבעראלער שולע, וואריום דער געזעץ איז ענטדעקט און בעוויזען טאקע פון דער ליבעראלער עקאנאמישער שולע.

„מיינע הערען, איהר דארפט פריהער פון אלץ טיעף, טיעף זיך אריינגעהמען אין קאפ אט דיעזען אייזערנעם גרויזאמען געזעץ און פון איהם ציעהען אלע אייערע שליסע.

ביי דיעזער געלעגענהייט קען איך אייך און דעם גאנצען ארבייטערשטאנד מיטטיילען דעם זיכערסטען מיטעל ווי אזוי איינמאל פאר אלע מאל זיך אויסצוהיטען פון אלערליי שווינדלער און פערבלענדער.

ווען עמיצער קומט צו אייך ריידען וועגען אויסבעסערן די לאגע פון ארבייטער־קלאס, גיט איהם א שטעל די פראגע: אנערקענט ער דעם דאזיגען געזעץ, צי ניט?"

איינער, וואס אנערקענט ניט דיעזען געזעץ, איז, לויט לאסאל'ען, „דער עלענדסטער גראבער יונג". פון דער אנדער זייט, איינער, וואס אנערקענט יא דעם געזעץ און ווייס ניט ווי איהם אבצושאפען, איז א נארישער פלאפלער".

האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז קארל מארקס, צו וועמען לאסאל האט זיך פערהאלטען מיט גרויס דרך ארץ און וועמען ער האט ניט איינמאל אנגערופען „לעהרער", האט דיעזען אייזערנעם געזעץ ניט געוואלט אנערקענען, און די סאציאל־דעמאקראטיע, אין איהר טאגטעגליכען קאמפף, איז געצוואונגען געווען אוועקצוגעבען דעם אייזערנעם געזעץ אין ברוכווארג, ווי אלטע אבגעניצטע אייזען.

אבער וואס איז דער אמת וועגען אייזערנעם געזעץ?

אונז דוכט זיך, דאס די געגנערשאפט צום אייזערנעם געזעץ קומט פון א דאפעלטען מיספערשטענדניס, א טעארעטישען און א פראקטישען, און שולדיג אין דעם איז לאסאל אליין. ערשטענס, ווען מען זאל טעארעטיש אנאליזירען דעם אייזערנעם געזעץ, וועט זיך ארויסשטעלען, אז זיין אייזען איז ניט עכט. לאסאל אליין מאכט איהם אבהענגיג 1) פון געזעץ פון אנבאט און נאכפראגע; 2) פון די קולטורעלע און לעבענס־געוואוינהייטען פון ארבייטער קלאס, דאס וואס מען רופט אין ענגליש Standard of Life 3) פון דעם וואוקס פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג. צוליעב דיעזע דריי אורזאכען, אדער גענויער גערעדט, צוליעב דיעזע דריי רייהען אורזאכען, צוזאמענגענומען, קען די שכירות אויף א לאנגע צייט זיך אויפהויבען איבער'ן אייזערנעם דורכשניט און זיך ארונטערלאזען אונטער איהם.

ווייטער גיט לאסאל ניט דעם עקאנאמישען אנאליז פון זיין געזעץ, ער צוגליעדערט ניט עקאנאמיש דעם דורכשניט פון ארבייטער־שכירות, ער פערשווייגט אין גאנצען ווי אזוי דער דאזיגער דורכשניט בילדעט זיך אויס אין פראצעס פון פראדוקציאן.

שוין דערפאר אליין האט מארקס'ען ניט געקענט צופריעדענשטעלען ווי אזוי לאסאל האט פארמולירט זיין געזעץ.

דאס איז וואס שייך טעאריע. און פון פראקטישען שטאנדפונקט קאן מען אט וואס אויסזעצען געגען לאסאל'ס אייזערנעם געזעץ. מיט דעם געזעץ האט ער געגעבען א וואפע אין די הענד פון יענע געגנער פון ארבייטער קלאס, וועלכע טענה'ן אז אין דער היינטיגער געזעלשאפט זיינען קיינע פערבעסערונגען פון ארבייטערס לעבען ניט מעגליך. לאסאל איז ארויסגעטרעטען אין א צייט, ווען דער ארבייטער־קלאס האט ניט עקזיסטירט אלס זעלבסטשטענדיגע פאליטישע קראפט. פון א פראפעסיאנעלער בעוועגונג האט אויך דאמאלס קיין רייד ניט געקענט זיין. דערפאר האט לאסאל, אלס געניאלער פראקטיקער, וועלכער האט זיך תמיד גערעכענט מיט די רעאלע קרעפטען, זוכענדיג דורך זיי צו דערגרייכען די גרעסטע רעזולטאטען, ניט געקענט אפילו אנהויבען טראכטען וועגען א קאמפף פאר אונמיטעלבארע עקאנאמישע אויסבעסערונגען. פריהער פון אלץ איז פאר איהם געווען וויכטיג צו עראבערן יענע פאליטישע בעדינגונגען, וואס וועלען מעגליך מאכען דעם זעלבסטשטענדיגען קאמפף פון ארבייטער־קלאס, זיין ארגאניזירונג אין א זעלבסטשטענדיגע פאליטישע פארטיי. און דא האט ער זיך צונויפגעשטויסען מיט שולצע־דעליטש, וועלכער האט אנטקעגענגעשטעלט דעם פאליטישען קאמפף פון ארבייטער־קלאס עקאנאמיישע זעלבסטהילפע. איז דאס דער אייזערנער געזעץ געווען יענער ברעכשטאנג, יענער הארמאט, וואס האט געדארפט צושמעטערן די פילאנטראפישע אילוזיעס פון דעם פרייזיניגען בורזשוא שולצע־דעליטש.

מארקס האט געלעבט אין ענגלאנד און האט שוין צו יענער צייט גוט פערשטאנען צו שעצען די זעלבסטשטענדיגע עקאנאמישע טהעטיגקייט פון ארבייטער־קלאס, זיין קאמפף פאר א צעהן־שטונדיגען ארבייטסטאג און ז. וו.

(זעה „קאַפּיטאַל — קאַפּיטעל: אַרבייטס־טאָג) און ער האָט קלאָר געזעהן, אַז שיסען אויפ'ן שולצע־דעליטש'ען מיט'ן אַזוי גערופענעם אייזערנעם געזעץ איז אקוראט ווי שיסען וואראבייטשיקעס מיט הארמאטען, און נאָך דערצו מיט הארמאטען גענומען פון צוויי בורזשואזע פעסטונגען — פון דער בורזשואזער עקאָנאָמיע און בורזשואזען רעכט. און מאַרקס אין זיין אנאליז פון אַרבייטער־שכירות נעהמט זיך דארום אויף אַן אַנדער וועג. — אין זיין טעאָריע פון מעהרווערטה — בעווייזט ער, דאָס דער אַרבייטער בעקומט אַלס שכירות אַזוי פיעל, ווי פיעל עס איז איהם נויטיג אום צו עקזיסטירען און אום פון דאָס ניי אויפצושטעלען זיין אַרבייטסקראַפט, אויף וועלכער דער קאַפּיטאַליסט קוקט ווי אויף אַ סחורה, וואָס ער פערברויכט אין פּראָדוקציאָן.

אויב איהר ווילט, איז דאָס דערזעלביגער אייזערנער געזעץ, זיין תמצית, אָבער מאַרקס בעקומט איהם ניט אויפ'ן גרונד פון די אויספיהרונגען פון בורזשואזע אויטאָריטעטען, נור אויפ'ן גרונד פון אַן עקאָנאָמישער צוגליעדערונג פון בעגריף אַרבייטס־קראַפט. אַרבייטס־קראַפט איז אַ סחורה, וואָס ווערט געקויפט מיט איהרע פּראָדוקציאָנס־קאָסטען, ד. ה. מיט דעם פּרייז וואָס קאָסט איהר אויפצושטעלען, איהר צו פּראָדוצירען.

אין זיין ביאָגראַפיע פון לאַסאַל'ן בעמערקט בערנשטיין גאַנץ ריכטיג, אַז דער אייזערנער געזעץ טרעפט ניט אין דעם סאַמע עצם פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג: קיינמאָל האָבען די אַרבייטענדע ניט בעקומען דעם גאַנצען פּראָדוקט פון זייער אַרבייט. וואָס צייכענט אויס די לאַגע פון דעם אַרבייטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, איז 1) זיין בעזונדערע אבהענגיגקייט פון דעם קאַפּיטאַליסט, אין זיין שטעלונג אַלס געדונגענער אַרבייטער; 2) זיין פאָלשטענדיגע אונזיכערהייט — ער איז ניט בעוואָרענט מיט זיין ברויט, מיט זיין אַרבייט מחמת דער תוהו ובוהו, וואָס הערשט אין דער פּראָדוקציאָן; 3) זיין פערהעלטניסמיסיגע „פרייהייט" — ער האָט די ברירה צו שטאַרבען פון הונגער, ווען ער זאָגט זיך אָב צו אַרבייטען ביים קאַפּיטאַליסט. די „פרייהייט" האָט ניט געהאַט ניט דער שקלאַף, ניט דער לייב־אייגענער, וועלכע האָבען געהערט מיט זייער לייב צו זייערע אַרבייטס־געבער — דעם האַר, דער גוטסבעזיצער.

אין זיין געניאַלער צוגליעדערונג האָט מאַרקס געוויזען די בעשטאַנדטיילען פון קאַפּיטאַל (שכירות, שטענדיגער קאַפּיטאַל) און זייער שייכות איינס צום אַנדערן, זייער געגענזייטיגע אָבהענגיגקייט — און ער פיהרט ווייטער אויס, אַז דעם אַרבייטער'ס שכירות קאָן וואַקסען אויפ'ן חשבון פון קאַפּיטאַליסט'ס פּראָפיט. דאָס אַליין שליעסט שוין אויס די מעגליכקייט פון אַן אייזערנעם געזעץ פון שכירות; דער אַרבייטער קלאַס ווערט אויפגעמונטערט צו קעמפּפען פאַר העכערע שכירות. פון דער אַנדער זייט האָט די פּראַקטיק פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע (ווי צ. ב. ש. אין טעקסטיל־אינדוסטריע) בעוויעזען, אַז די שכירות קען אויך פאַלען נידריגער פון דעם מינימום. בעקומט זיך שוין ניט קיין אייזערנע געזעץ, נור אַ גומינער, כאָטש — מיט געוויסע בעשרענקונגען — בלייבט דער געזעץ אין עצם ריכטיג; ניט ווי לאַסאַל, נור ווי מאַרקס האָט איהם פאָרמולירט: אַז די שכירות ווערט בעשטימט דורך די געזעצען פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, וואו די אַרבייטס־קראַפט ווערט בעטראַכט אַלס סחורה, אַ סחורה מיט אַלע סחורות צוגלייך, און איהר ווערטה איז דאָס וואָס קאָסט איהר צו פּראָדוצירען. דאָס געזעץ פון סחורות־פּראָדוקציאָן איז דאָס געזעץ פון אַרבייטס שכירות. דער קאַפּיטאַליזם בעשאַפט פאַר דעם אַרבייטער אַן אייזערנע אבהענגיגקייט פון קאַפּיטאַל. און ערשט ווען ער וועט איבערנעהמען דעם קאַפּיטאַל, ד. ה. די פּראָדוקציאָנס־מיטעל, וועט דער אַרבייטער אויסגעלייזט ווערען פון דעם יאָך פון אָט דעם אייזערנעם געזעץ.

דר. א. סינטאָווסקי

לאַסאַל אלס יוריסט

.1

לאַסאַל איז גרויס אַלס אַגיטאַטאָר, אַלס עקאָנאָמיסט, אַלס פילאָזאָף, אַם גלענצענדסטען אָבער האָט ער זיך אַרויסגעצייגט אַלס יוריסט. ער האָט געהאַט די פערשיעדענאַרטיגסטע פעהיגקייטען, וואָס זיינען נויטיג אום צו זיין אַ גרויסער יוריסט, סיי אין פראַקטיק, סיי אין טהעאָריע: אַ שאַרפע השגה, אַ טיעפען שכל, אַן אייזערנע לאָגיק, אַ שטאַרקע און איבערצייגענדע רעדענסקראַפט און דערצו נאָך אַ רייכע קענטניס פון ליטעראַטור און וויסענשאַפט. בעזונדערס האָט ער גרינדליך געוואוסט דאָס גערמאַנישע און רוימישע רעכט. וואָסערע בעסערע מיטעל און וועדקצייג דאַרף אַ מענש האָבען צו ווערען אַ בעריהמטער יוריסט?

פון נאַטור איז לאַסאַל געוועזען אַ גריבלער אין בעסערן זינן פון וואָרט, אַ מענש וואָס האָט ליעב געהאַט זיך צו פערטיעפען אין יעדע אידעע, אין יעדע פראַגע. מיט דער גרעסטער חריפות פלעגט ער אַנאַליזירען, צוברעקלען יעדען געדאַנק. פון יעדען גייסטיגען שטאָף וואָס ער פלעגט נעהמען צו בעאַרבייטען פלעגט ער פערשטעהען אַרויסצוקלייבען די אידענטישע טהיילען, אויסטיילען דאָס פערשיעדענאַרטיגע און נאכהער גרופּירען און צוזאַמענשטעלען אַזוי, דאָס די פערפלאָנטערטעסטע פראַגע פלעגט ווערען קלאָר און איינפאַך. פאַר איהם איז די יוריספּרודענץ די ריכטיגע אַטמאָספערע, וואו זיין גרויסער גייסט האָט זיך געפיהלט בעזאָנדערס פריי. צו דער רעכטס־פילאָזאָפיע, וועלכע די פילאָזאָפען האָבען בעטראַכט אַלס א טהייל פון דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע, איז ער געקומען אַלס א פאַך־מאַן, ווייל די פילאָזאָפיע האָט ער געהאַט אויסגעקליבען נאָך פריהער אַלס זיין הויפּטשטודיום און בעשעפטיגונג. א פראַקטישער יוריסט איז לאַסאַל אָבער געוואָרען גאַנץ צופעליג, גאָר אונגעריכטערהייד. ער האָט זיך קיינמאָל ניט בעשעפטיגט מיט יוריסטישער פּראַקטיקע. זיין שטענדיגער קליענט אין פיעלע פּראָצעסען איז געוועזען ער אַליין, און פּראָצעסען האָט ער געהאַט ניט ווייניג, ס'פעהלט ניט פיעל צו א גאַנצען צעהנדליג.

דאָס איז די טראַגעדיע כמעט פון יעדען אידען, און לאַסאַל האָט דאָס געקראָגען אין א גרעסערע מאָס. עס איז אָבער זיכער, דאָס זעהר אָפט, אַזוי ווי אויף צולהכעיס איז איהם אויסגעקומען זיך צו בעשעפטיגען מיט זאַכען, וועלכע ער האָט געהאַסט. ווען ער האָט געהאַלטען ביים אויסקלייבען א פאַך פאַר זיין שטודיום, האָט איהם זיין פאָטער פאָרגעשלאָגען צו לערנען מעדיצין אָדער יוריספּרודענץ. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז צו יענער צייט, אין 1840, האָבען די אידען אין דייטשלאַנד נאָך ניט געהאַט די פולע גלייכבערעכטיגונג און ניט געקאָנט נאָך קריגען קיין רעגיערונגס־שטעלע. לאַסאַל האָט דערויף געענטפערט:

„דער אַרצט, ווי דער אַדוואָקאַט, זיינען סוחרים, וועלכע מאַכען מסחר מיט זייערע קענטניסע. איך וועל זיך אָבער ווידמען דער פּובליציסטיק. איצט איז א צייט, אין וועלכער מען קעמפפט פאַר די הייליגסטע צוועקען פון דער מענשהייט“.

דער מענש טראַכט, דאָס שיקזאַל לאַכט — ער איז באַלד, דורך זיינע אימפּולסען און בעסערע געפיהלען, אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין א פּראָצעס, וועלכען ער האָט געפיהרט איבער 8 יאָהר און אין איבער 36 פערשיעדענע געריכטען.

אין דער ראָלע פון א פערטיידיגער איז איהם צוערשט אויסגעקומען אויפצוטרעטען פאַר זיך זעלבסט.

זיין ערשטען צוזאַמענשטויס מיט די היטער פון רעכט און אָרדנונג האָט ער נאָך געהאַט זייענדיג אין אוניווערזיטעט אין ברעסלוי, אין יאָהר 1844, אַלס א 19־יעהריגער סטודענט. די בעסערע עלעמענטען פון דער אַקאַדעמישער יוגענד זיינען דאַן אין דייטשלאַנד געוועזען זעהר ראַדיקאַל געשטימט. פייערבאַך'ס „דאָס וועזען פון קריסטענטום“ איז געוועזען דאָס עוואַנגעליום פון די דאַמאָלדיגע ראַדיקאַלע פילאָזאָפען. איינעם א פּראָפעסאָר בראַניס האָט זיך פערוואָלט אין זיינע פאָרלעזונגען אַרונטעררייסען פייערבאַכ'ן. ס'פערשטעהט זיך, דאָס די סטודענטען האָבען דעם פּראָפעסאָר זעהר שלעכט אויפגענומען, זיי האָבען איהם אויסגעפייפט. איינער א סטודענט האָט געטאַדעלט אין א צייטונג די סטודענטען פאַר זייער האַלטונג. די סטודענטען האָבען איינגעלאַדען דעם שרייבער צו קומען אויף זייער א פערזאַמלונג אום זיך צו פערטיידיגען. דער רעקטאָר און דער סענאַט פון אוניווערזיטעט האָבען, נאַטירליך, די פערזאַמלונג פערבאָטען. די סטודענטען האָבען אָבער דערויף ניט געקוקט און זיינען דאָך צוזאַמענגעקומען. לאַסאַל, פערשטעהט זיך, אויך אונטער זיי. ס'האָבען זיך גלייך אָנגעהויבען אונטערזוכונגען, און פיעלע האָט מען אויסגעשלאָסען פון אוניווערזיטעט. לאַסאַל איז אויך געבראַכט געוואָרען פאַר'ן אוניווערזיטעטס־גע־

ריכט, און דאָ האָט ער שוין אַרויסגעוויזען זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען אַלס פערטיידיגער. ער איז אָבגעקומען נור מיט 2 וואָכען קאָרצער. אין פּראטאקאָל לעזען מיר וועגען דעם קורץ צוזאַמענגעפאַסט: פּרינציפּען־פּראַגען. רעדען און פערבאָטענע פערזאַמלונגען. אונטערזוכונג. גלענצענדע פערטיידיגונג. געפענגניס־שטראָף.

אין בערלין האָט לאַסאַל אויך פערזוכט דעם טעם פון א פּראצעס. די אָנקלאַגע געגען איהם איז געווען וועגען פאַלש שווערען און בעשעדיגען פרעמדעס אייגענטום אויס בייזקייט און ראַכע־געפיהל. ער האָט זיין פּראצעס געוואונען. דעם פּראצעס ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט האָט ער געהאַט צו פערדאַנקען זיין שניידער און זיין הויז־ווירטה, וועלכע ער האָט דערגאַנגען ביז׳ן ביין — דאָס איז געווען זיין ערשטע טבילה אין דעם ים פון פּראצעסען.

דער אמת׳ער פּראצעס, אין וועלכען ער האָט געמוזט שוין אַרויספיהרען אויפ׳ן שלאַכטפעלד גאָר זיינע גייסטיגע און וויסענשאַפטליכע אַרטילעריע, איז געווען דער האַטצפעלדט־פּראצעס. אין יוריסטישען הינזיכט האָט ער דאָ אויפגעטהאָן א טיטאַנישע אַרבייט. מ׳דאַרף זיך נור ריכטיג פאָרשטעלען די אומשטענדען און בעדינגונגען, אונטער וועלכע ס׳איז לאַסאַל׳ען אויסגעקומען אויפצוטרעטען. דענקט זיך נור, דער גראַף פון האַטצפעלדט, א מיטגליעד פון איינע פון די אנגעזעהנסטע, מעכטיגסטע, הויך־אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. א מענש מיט א גרויסען פּאָליטישען איינפלוס און דערצו נאָך מיט א סך געלד. דערצו איז איהם קיין מיטעל ניט געווען צו שלעכט און צו ניעדריג, ווען מ׳האָט דאָס געדאַרפט געברויכען אין פּראצעס מיט זיין פרוי. פערלוימדונגען, אונטערקויפען עדות, געפעלשטע פּאַפּיערען און דאָס גלייכען — אַלץ איז אויסגענוצט געוואָרען געגען די גרעפין אין פּראָצעס. דערצו איז די לאַגע פון זיין קליענט, דער גרעפין, געווען א פערצווייפעלטע, א הילפלאָזע. איהרע נאָהענטע קרובים האָבען איהר אויס מורא פאַר׳ן גראַף פערלאָזען. און געגען אַזאַ מעכטיגען געגנער מיט אַזעלכע מורא׳דיגע קאַמפּס־מיטעל טרעט אויף דער יונגער לאַסאַל. א אידישער בחור, אָהן א נאָמען, אָהן בעקאַנטשאַפט, אָהן פערבינדונגען, אָהן איינפלוס, אָהן שטיצע פון די גרעפינ׳ס קרובים, נעהמט ער אויף דעם קאַמפף און דערצו נאָך אין ראָלע פון אן אָנגרייפער. נור א מענש מיט אונגעהויערע קרעפטען און מיט א שטאַרקען גלויבען אין זיך, אָדער איינער וואָס פערשטעהט ניט אָבצושאַצען דעם שונא׳ס מאַכט און איז זעהר איינגעבילדעט אין זיך, איז פעהיג אויפצונעהמען דעם קאַמפף מיט אַזאַ געגנער. לאַסאַל האָט געהערט צו די ערשטע. ניט נור האָט ער אויפגענומען דעם קאַמפף, נור ער איז נאָך אויפגעטראָטען געגען דעם געגנער אַלס אָנגרייפער. און, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעצייגט, איז לאַסאַל׳ס גייסטיגע מאַכט ווירקליך געווען מורא׳דיג גרויס, און זיין גלויבען אין זיך איז ניט געווען סתם אן איינגעבילדעטע.

שוין אין זיין טאַגע־בוך, וועלכען לאַסאַל האָט געפיהרט נאָך אַלס אינגעל, בעמערקען מיר אין איהם די שטריכען: שווערמעריי, שטרעבונג צו הויכע אידעאַלען און א שטאַרקער גלויבען אין די אייגענע קרעפטען. זיין אַמביציאָן האָט ניט געוואוסט פון קיין גרענעץ. דאָרטען וואו ס׳איז געווען א שווערע שטיקעל אַרבייט, און א מענש מיט געוועהנליכע פעהיגקייטען האָט דאָס ניט געקענט אויספיהרען, דאָרטען פלעגט ער מוטהיג אַריינשפּרינגען.

אַזוי האָט ער זיך גענומען צו בעאַרבייטען די פילאָזאָפיע פון העראַקליט דעם דונקעלען, א גריכישער פילאָזאָף. וואָס גרויסע פילאָזאָפען זיינען ניט זיכער געווען, אַז זיי פערשטעהען איהם ריכטיג, און דאָס, ווי ס׳שיינט, איז אויך געוועזען דער מאָטיוו פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען פאַר דעם פּראצעס פון דער גרעפין. דענקט זיך, א 20־יעהריגער אידישער בחור, אָהן א ספּעציעלע יוריסטישע בילדונג, אָהן יוריסטישע פּראַקטיקע און אָהן בעקאַנטשאַפט, פערמעסט זיך געגען אַזאַ מעכטיגען גראַף. צום אָנפאַנג האָט לאַסאַל געוואָלט האַנדלען ווי א ריטער פון דער ראָמאַנטישער צייט. ער האָט פאָרגעלעגט דעם גראַף צו געהן אויף א דועל. דער גראַף האָט איראָניש א קוק געטהאָן אויף דעם „פרעכען אידישען בחור׳ל“ און איהם אויסגעלאַכט. דאַן האָט ער בעשלאָסען איבערצונעהמען דעם פּראצעס. 8 יאָהר האָט ער געדויערט, אין 36 פערשיעדענע געריכטען איז ער פאָרגעקומען. און דער זיעגער איז געווען ניט דער גראַף נור „דער פרעכער אידישער בחור׳ל“. לאַסאַל אַליין האָט אין א רעדע אין געריכט געזאָגט וועגען דעם: „איך האָב גוט געוואוסט, וואָס פאַר א פורכטבאַרע געגנער—טיטלען, איינפלוס און רייכטום זיינען, און דאָס זיי וועלען גיכער געפינען פערבינדונגען און שטיצע אי די רייהען פון דער ביוראָקראַטיע איידער איך. איך האָב גוט געוואוסט, וואָס פאַר׳א געפאַהר עס שטעקט דאָ פאַר מיר. דאָס האָט מיר אָבער ניט געשטערט. איך האָב בעשלאָסען אַרויסצושטעלען געגען דעם פאַלשען שיין — דעם אמת, געגען טיטלען — רעכט און געגען דער מאַכט פון געלד — די מאַכט פון גייסט.

לאַסאַל׳ס מאָטיוו ביים איבערנעהמען דעם פּראצעס איז ניט געווען געלד. עס איז געוועזען זיין שטאַרקער עהרגייץ, זיין חשק צו

קעמפּפען מיט אונגעהויערע שטאַרקע געגנער, זיך צו מעסטען מיט זיי אין קראַפט. די שמוציגע מאָטיווען, אין וועלכע זיינע געגנער האָבען איהם פערדעכטיגט, דאָס הייסט, דאָס ער איז געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען מיט דער גרעפין, האָבען דורכאויס קיין גרונד ניט. „דיזע מענשען — האָט לאַסאַל געזאָגט אין זיין אויבענדערמאָהנטער רעדע, ווען ער איז געקומען צום פּונקט וועגען די שמוציגע בעשולדיגונגען געגען איהם — האָבען געאורטיילט, איך גיב עס צו, ווי ערפאַהרענע מענשען, ווי קענער פון דער גרויסער וועלט. זיי האָבען אָבער איין זאַך פערזעהען, זיי האָבען ניט אין אנבעטראַכט גענומען מיין יוגענד, און ווי אונזער צייט זאָל ניט זיין די צייט פון עגאָאיזמוס, די יוגענד אָבער איז געוועזען און וועט בלייבען די לעבענס־פּעריאָדע פון אָפּפערוויליגקייט, פון בעגייסטערונג און ענטוזיאַזם“.

לאַסאַל אַליין בעשרייבט זיינע מאָטיוון אַזוי:

„...ס'האָט געשוויגען די פאַמיליע.

„אָבער ס'הייסט וואו מענשען שווייגען וועלען שטיינער ריידען.

„וואו אַלע מענשענרעכט ווערען בעליידיגט, וואו אפילו די שטימע פון בלוט שווייגט, און דער הילפלאָזער מענש ווערט פערלאָזען פון זיינע נאַטירליכע בעשיצער, דאָ הויבט זיך מיט רעכט אויף דער ערשטער און לעצטער קרוב פון מענשען — דער מענש!“

„...וועלכער שטאַרקער שווימער, וואָס זעהט ווי אן אנדערער ווערט אוועקגעשלעפּט פון שטראָם, וועט ניט אריינשפּרינגען איהם צו ראַטעווען? און דער מענש ריזיקירט מעהר ווי איך — ער ריזיקירט זיין לעבען. יע, פּאַר א גוטען שווימער האָב איך מיך געהאַלטען, אונאבהענגיג בין איך געווען, בין איך אריינגעשפּרונגען אין שטראָם“.

אַלע לאַסאַל'ס ביאָגראַפען, סיי אָנהענגער, סיי געגנער גיבען צו, דאָס אין האַטצפעלדט־פּראָצעס האָט לאַסאַל אַרויסגעוויזען גאונות. ניט נור האָט ער פיעל בעסער געוואוסט ווי דעם גראַף'ס אדוואָקאַטען דאָס גאַנצע אַקטען־מאַטעריאַל, נור ער האָט אויך געהאַט פיעל ברייטערע און טיעפערע ידיעות אין יוריספּרודענץ, און דאָס אָפּטער אַרויסגעוויזען, ווי די ריכטער. פיעל מאָל זיינען ניט די ריכטער, נור ער איז געוועזען דער פיהרער פון פּראָצעס. דערצו נאָך זיין זיכערער אויפטרעטען, זיין פעסטער טאָן, זיין טעמפּעראַמענט אין ריידען, זיין שאַרפע לאָגיק און השגה, זיין שלאַגפערטיגקייט און זיין חריפות. יע, ער האָט געהאַט א שטאַרקען געגנער, א געגנער מיט מאַכט און איינפלוס, ער האָט זיך אָבער אַרויסגעצייגט דער שטאַרקסטער, ער האָט געהאַט די שאַרפסטע געוועהר, און מוטה געגנוג מיט דעם געגנער צו קעמפּפען און איהם צו בעזיגען.

דער האַטצפעלדט־פּראָצעס האָט איהם אריינגעשלעפּט אין אן אנדער פּראָצעס, אין וועלכען ער האָט געמוזט פערטיידיגען זיך זעלבסט.

דער גראַף האָט געהאַט א געליעבטע, איינע א גרעפין מייענדאָרף. ביי איהר איז געוועזען דעם גראַפ'ס א פּאַפּיער, וואָס איז געוועזען וויכטיג אַלס א בעוויז געגען גראַף. מען האָט געדאַרפט קריגען דאָס פּאַפּיער, כדי צוצושטעלען צום געריכט. מייענדאָרף האָט זיך ענטזאַגט עס אַרויסצוגעבען. ווי קריגט מען דאָס? צוויי אנדערע בעקאַנטע פון דער גרעפין, איינער דר. מענדעלזאָהן און איינער א לאָיער אָפּענהיים, האָבען געפּרובט דאָס פּאַפּיער אַרויסצוגנב'ענען ביי דער גרעפין. מען האָט פערפיהרט א פּראָצעס געגען זיי. אָפּענהיימ'ען האָט מען פרייגעשפּראָכען; מענדעלזאָהנ'ען האָט מען אין א אנדער געריכט פעראורטהיילט צו 5 יאָהר געפענגניס. לאַסאַל'ען האָט מען גלייך נאָכדעם אויך אָנגעקלאָגט אין אָנרייצען זיי צום פאַרברעכען. אין דעם פּראָצעס האָט ער געהאַלטען זיין בעריהמטע און שטאַרקסטע רעדע, וועלכע ער האָט פריהער אָפּגעדרוקט (80 זייטען שטאַרק) און פערטיילט. 23 יאָהר איז ער דעמאָלס אַלט געוועזען. ווי עס שיינט אָבער, איז ער געוועזען יונג אין יאָהרען און רייך אין טאַלאַנט און פעהיגקייטען. דאָס איז א רעדע, וואָס קאָמבינירט אין זיך אַלין: גוטע צוגליעדערונג פון די אויסזאַגען פון די עדות, שטאַרקע לאָגיק, גרויסע רעדנערס־קראַפט און גוטע פּסיכאָלאָגישע קענטניס פון די מענשען, וואָס דאַרפען איהם משפּט'ען. עס האָט געמאַכט אַן עפעקט. ער איז פרייגעשפּראָכען געוואָרען. די רעדע לעזט זיך גאָר ווי א שפּאַנענדער ראָמאַן, פון דעסטוועגען איז זי אָהן קלינגענדע פראַזען און אָהן רעדנערישע פייערווערקס — זיין מורא'דיגע לאָגיק רייסט אויף ווי א שטאַרקער דינאַמיט די שטאַרקע בעשולדיגונגען, וואָס דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעשטעלט געגען איהם.

ס'זיינען דאָ נאָך א פּאָאַר רעדעס פון לאַסאַל'ען, וועלכע עס איז איהם אויסגעקומען צו האַלטען אַלס פערטיידיגונג געגען פּאָליטישע אנקלאַגען; זיי זיינען אויך גלענצענד און שאַרף. ליידער קענען מיר אויס מאַנגעל אין פּלאַץ מעהר זיי דאָ ניט בעהאַנדלען.

לאַסאַל'ס גייסטיגע קראַפט און גרויסקייט איז געוועזען ניט נור אויף דעם פּראַקטישען געביעט, נור אויך אויף דעם טעאָרעטישען: אַלס א כלל זיינען מענשען מיט טיעפע און שאַרפע

קעפּ ניט קיין צו גרויסע רעדנער, און, אומגעקעהרט, גלענצענדע רעדנער צייכנען זיך זעלטען אויס מיט גרויסע טיעפקייט. לאַסאַל איז אָבער געווען אי א טיעפער דענקער, אי א גרויסער רעדנער. זיין טיעפקייט און חריפות אין פילאָזאָפיע איז איינפאַך צו בעוואונדערען. אפילו רוגע, א גוט־בעקאַנטע פּערזאָן אין דייטשלאַנד אין די פופציגער און זעכציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט, האָט בעל כרחו געזאָגט אמן צו לאַסאַל'ס בוך איבער העראַקליט דעם דונקעלען, וואָס איז ערשיענען אין 1858. און אז רוגע האָט זעהר געלויבט דעם בוך, האָט דאָס עטוואָס בעטייט, ווייל ער איז געוועזען ערשטענס, א געגנער פון די סאָציאַליסטען, און צווייטענס, אן אנטיסעמיט.

סיי אין זיין פילאָזאָפיע, סיי אין זיין יוריספּרודענץ הויבט אָן לאַסאַל דאָרטען, וואו העגעל איז געבליבען שטעהן, און זוכט די פּראָבלעמען, וועלכע העגעל האָט באַריהרט, ווייטער צו ענטוויקלען. זיין פאָרשונג אין העראַקליט'ס פילאָזאָפיע איז געוועזען אזא גלענצענדע אַרבייט, דאָס די גרעסטע מענשען אין דייטשלאַנד, ווי אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט און בעקה, האָבען זיך ניט געקענט אָפּלויבען פון איהר. אי די מאָטיווען, אי די שווערקייט פון דער אויפגאַבע זיינען דאָ געוועזען, ווי מיר קענען מיט רעכט אָננעהמען, דיזעלביגע ווי אין דעם האַטצפעלדט־פּראָצעס.

העראַקליט האָט נאָך אין דער אַלטער צייט געש'ם'ט פאַר א פילאָזאָף, וועלכען עס איז שווער צו פערשטעהן. דאָס, וואָס עס איז פון העראַקליט'ס פילאָזאָפיע איבערגעקומען צו אונז, איז נור געוועזען שטיקלאַך, פראַגמענטען. צו דעם האָט זיך לאַסאַל גענומען, און דערפון האָט ער אויפגעבויט א סיסטעם, וועלכע איז אפשר ניט די העראַקליטישע, ווייל ער האָט אין איהר געלעהרענט זיין אייגענעם פּשט, איז זי אָבער אַלענפאַלס גלענצענד, שטאַרק, לאָגיש, אויסגעהאַלטען און טיעפזיניג. מיר זעהען אין דער דאָזיגער אַרבייט ניט העראַקליט'ס טיעפקייט און לאָגיק, נור לאַסאַל'ס גרויסע פילאָזאָפישע פעהיגקייטען.

לאַסאַל איז ניט געוועזען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך גענומען צו העראַקליט'ס פילאָזאָפיע. העגעל האָט איהר שוין אויך בעהאַנדעלט. אָבער אויך פאַר העגעל'ן האָבען איהר שוין מעהרערע פילאָזאָפען געפאָרשט. דער בעריהמטער פילאָזאָף שלייערמאַכער האָט זיך אויך געהאַט בעשעפטיגט מיט איהר.

העראַקליט איז געוועזען א גריכישער פילאָזאָף, וועלכער האָט געלעבט אַרום 500 יאָהר פאַר אונזער צייטרעכנונג. זיין פילאָזאָפיע איז די פילאָזאָפיע פון בעוועגונג, פון ענדערונג. קיין זאַך איז ניט קאָנסטאַנט, אַלעס ענדערט זיך, אַלעס בעוועגט זיך. „מיר קאָנען — זאָגט העראַקליט — צוויי מאָל ניט אריינגעהען אין דעמזעלבען פלוס“. דאָס מיינט, אז דאָס וואַסער פליעסט, און ביי אונזער צווייטען אריינשטייגען אין פלוס, איז שוין דער פלוס אַן אַנדערער. די ענדערונג פערניכטעט אָבער ניט די פריהערדיגע זאַך, נור ענטוויקעלט איהר. און אזוי האַלט די וועלט אין איין ענדערען זיך און ענטוויקלען זיך. שלייערמאַכער האָט ערקלערט די גאַנצע העראַקליטישע בעוועגונג אַלס א געוואוינליכע דירעקטע בעוועגונג, א בעוועגונג, וועלכע געהט אין א גלייכע ליניע. דערצו האָט ער דאָס אָנגענומען פיזיקאַליש, ד. ה. ווען העראַקליט רעדט וועגען פייער און מאַכט איהם פאַר'ן אורשטאָף, פאַר'ן שטאָף, פון וועלכען אַלעס איז אַרויסגעקומען, מיינט ער דאָס געוועהנליכע פייער, וואָס מיר נוצען אין אַלטעגליכען לעבען. העגעל האָט אָבער געלערענט דעם פּשט אין העראַקליט'ס פילאָזאָפיע גאָר אַנדערש. ער האָט איהם אויסגעטייטשט אויף זיין שטייגער, און מעהר צוגעפּאַסט צו זיין אייגענער פילאָזאָפיע. העגעל ערקלערט העראַקליט'ען ספּעקולאַטיוו, ניט פיזיקאַליש, נור אבסטראַקט. די ענדערונג, פון וועלכער העראַקליט רעדט, ערקלערט העגעל דיאַלעקטיש. דאָס איז העגעל'ס אייגענער גרונד־שטיין, אויף וועלכען ער האָט געבויט זיין גרויסע פילאָזאָפישע סיסטעם.

אויף די דיאַלעקטישע מעטאָדע האָט העגעל געלעגט זעהר פיעל געוויכט, ווייל זי איז פאַר איהם די איינציגע ריכטיגע, נאָך וועלכער מען קען אַלץ ערקלערען. די דיאַלעקטישע מעטאָדע זאָגט, דאָס יעדע ערשיינונג, יעדער פּראָצעס ענטוויקעלט זיך, אָבער די ענטוויקלונג קומט אזוי פאָר, דאָס ביים ענטוויקלען זיך מאַכט די זאַך דורך דריי שטופען. די ערשטע שטופע איז די איינפאַכע שטופע, אין וועלכע די קרעפטען, סיי די פּאָזיטיווע, סיי די נעגאַטיווע, זיינען נאָך אונדיפערענצירט, האָבען פון זיך נאָך ניט אַרויסגעוויקעלט זייערע ענטגעגענגעזעצטע טענדענצען. די ערשיינונג ענטוויקעלט זיך ווייטער און דאַן, א דאַנק די אַנטאַגאָניסטישע קרעפטען, וועלכע געפינען זיך אין יעדען געגענשטאַנד גופא, ענטוויקעלט זיך די זאַך ביז צו איהר געגענזאַץ. דערביי בלייבט דאָס אָבער ניט. דער קאַמפּף פון די ענטגעגענגעזעצטע קרעפטען דויערט נאָך ווייטער, און עס קומט דערצו, דאָס די זאַך ענטוויקעלט זיך ווידער צו איהר געגענזאַץ, דאָס מיינט צום געגענזאַץ פון געגענזאַץ, און מיר בעקומען ווידער דאָסזעלבע בילד, וואָס מיר האָבען געהאַט אין דער ערשטער שטופע פון איהר ענטוויקלונג. דער אונטערשייד איז, דאָס זי איז א

פיעל העכערע ווי די ערשטע, זי האָט שוין דורכגעמאַכט דעם פראָצעס פון איהר געגענזאַץ און איצט ענטהאַלט זי אין זיך — זיך אַליין מיט איהר געגענזאַץ. העגעל דריקט דאָס אַזוי אויס: „צום אָנהויב האָבען מיר די טהעזיס, וועלכע ענטוויקעלט זיך און פערוואַנדעלט זיך אין איהר געגענזאַץ, אין דער אַנטיטהעזיס. די סינטעזיס איז שוין די דריטע שטופע, אין וועלכע די טהעזיס און די אַנטיטהעזיס איז פעראייניגט".

הערַאקליט'ס בעוועגונג און ענדערונג האָט העגעל ערקלערט אין אָט דעם זינן. העגעל האָט אָבער זיך ניט אָבגעגעבען מיט א ספּעציעלע אויספאָרשונג פון הערַאקליט'ען. ער איז ניט איינגעגאַנגען אויף אַלע הערַאקליט'ס פילאָזאָפישע פראַגען. לאַסאַל האָט זיך דערצו גענומען. ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע שטיקלאַך און ברעקלאַך, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אין די פערשיעדענע ביבליאָטעקען, זיי צוזאַמענגעשטעלט און געזוכט אויפצובויען פון זיי א סיסטעם. דאָס איז געוועזען זעהר און זעהר א שווערע אַרבייט, פערבונדען מיט א סך מיה און מאַטערניס, און ער האָט דאָס דאָך דורכגעפיהרט גלענצענד. פון דעם בוך זעהען מיר, וואָס פאַר א שטאַרקער אָנהענגער פון העגעל'ס פילאָזאָפיע לאַסאַל איז. ס'איז אָבער די רעוואָלוציאָנערע זייט פון העגעל'ס פילאָזאָפיע, וועלכע לאַסאַל האָט איבערגענומען. ס'איז די פילאָזאָפיע פון קאַמפף, פון ענטוויקלונג, פון ענדערונג.

הערַאקליט'ס פילאָזאָפיע האָט אויך אין זיך פיעלע פונקטען, וועלכע האָבען געפונען א גרויסען אָבקלאַנג אין לאַסאַל'ס אייגענער נשמה, ווייל זיי האָבען גערַאדע געשטימט מיט זיינע סימפּאַטיען. הערַאקליט ליובט זעהר דעם עהרגייץ, די כבוד־זוכעריי אין גוטען זינן פון וואָרט. לאַסאַל האָט דאָס פערמאָגט אין א גאַנץ גרויסער מאָס.

אין זיין רעכטס־פילאָזאָפיע קניפּט זיך לאַסאַל אויך אָן אן העגעל'ן און נעהמט אויף דעם פאָדעם, וועלכען העגעל האָט אָנגעפאַנגען צו שפּינען. ער פאַנגט אָן דאָרטען, וואו העגעל האָט אויפגעהערט.

זיין ווערק, וועלכע שטעלט איהם אַוועק אין די רייהע פון גרויסע רעכט־פילאָזאָפען, איז געדרוקט אין 1860 און הייסט „סיסטעם דער ערוואָרבענען רעכטע". ער זוכט דאָ אויסצוגלייכען דאָס פאַזיטיווע רעכט מיט דער רעכטס־פילאָזאָפיע. דאָס איז א ווערק, וואָס איז געשריעבען פאַר'ן רעכטס־טהעאָרעטיקער, און דער פּראַקטישער יוריסט קאָן ניט פיעל נוצען ציהען דערפון. ס'האָט אפילו ניט פיעל בעאיינפלוסט די טהעאָרעטיקער פון דער יוריסטישער וויסענשאַפט. אָבער ניט ווייל עס האָט ניט גענוג טיעפקייט און סיסטעם, נור ווייל, ווי איינער פון לאַסאַל'ס ביאָגראַפען בעמערקט, עס איז א צופיעל אַבסטראַקטעס און א צו ברייט קאָנסטרואירטעס סיסטעם.

הוגא גראַציוס, נאָך אין אָנפאַנג פון 17טען יאָהרהונדערט, האָט געזוכט אויפצואווייזען, דאָס עס איז דאָ צוויי סאָרטען פון רעכט: דאָס פאַזיטיווע רעכט, ד. ה. די גאַנצע סומע פון געזעצען, וואָס עקזיסטירען און וואָס רעגולירען דאָס לעבען און וועלכע ווערען אָפּגעשאַפט אָדער פון דאָס נייע געשאַפען; און דאַריבער איז עס, צו ריידען מיט די פילאָזאָפישע שפּראַך, א היסטאָרישע קאַטעגאָריע — און צווייטענס, דאָס נאַטור־רעכט, ד. ה. דאָס רעכט, וואָס א מענש בעזיצט אַלס א מענש, וועלכע קומען איהם פון דער נאַטור און קיינער טאָר זיי פון איהם ניט אַוועקנעהמען, און עס איז דעריבער א לאָגישע קאַטעגאָריע, ד. ה. אַזעלכעס, וואָס מען קען לאָגיש זיך אַנדערש ניט דענקען. עס עקזיסטירט כמעט אימער א געגענזאַץ צווישען פאַזיטיווען רעכט און נאַטור־רעכט. דאָס פאַזיטיווע רעכט רעכענט זיך ניט מיט דעם נאַטירליכען רעכט. דאָס לעצטע מוז אָבער שטענדיג קאָנטראָלירען דאָס ערשטע. די אידעען פון נאַטור־רעכט ציהען זיך אַריין בי'ן 19טען יאָהרהונדערט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט געהאַט דיעזע אידעען אַלס באַזיס סיי אין איהר פּאָליטישע, סיי אין איהר רעכטליכע איבערקעהרעניסען. די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציאָן האָט אויך אַלס איהר גרונדלאַגע די אנשויאונג פון נאַטור־רעכט. לאַסאַל זוכט צו פערניכטען דעם אָפּגרונד, וואָס עקזיסטירט צווישען דאָס פאַזיטיווע רעכט און די רעכטס־פילאָזאָפיע, וועלכע איז דער אויסדרוק פון נאַטור־רעכט. ער געהט אַרויס פון פאָלגענדען געדאַנק. ביים שטודירען די פערשיעדענע רעכטס־אינסטיטוטען ווי אייגענטום, ערברעכט, קאָנטראַקט א. ז. וו. איז פאַלש צו בעהאַנדלען זיי ריין אבסטראַקט. ווען מיר בעטראַכטען זיי נעהענטער, געפינען מיר אויס, דאָס דער רוימישער בעגריף וועגען אייגענטום איז אין גאַנצען פערשיעדען פון דעם גערמאַנישען, אַזוי אויך דעם בעגריף פון ירושה־רעכט, פון פאַמיליען־רעכט און אַלע איבריגע רעכטס־אינסטיטוציאָנען. די רעכטס־פילאָזאָפיע האָט אויף אַזאַ'ן אופן ניט צו טהאָן מיט לאָגישע, אייביגע קאַטעגאָריען, נור מיט היסטאָרישע. די רעכטס־אינסטיטוציאָנען זיינען די פערווירקליכונג פון די היסטאָרישע אידעען, וועלכע לעבען אין יעדען פאָלק, און דעריבער מוזען זיי אויך פערשיעדען זיין, ווייל אויך די אַלגעמיינע אידעען, וואָס עקזיסטירען אין יעדען פאָלק, זיינען פערשיעדען. דאָ האָבען מיר פאַר זיך א ריכטיגען שילער העגעל'ס, וועלכער גלויבט, אַז די אידעע בעאיינפלוסט אַלץ.

זעהר אינטערעסאַנט און בעלעהרענד איז לאַסאַל'ס רעדע איבער פיכטע. דאָרטען שילדערט ער געשיקט דעם גאַנג פון דער פילאָזאָפיע —

ווי אַזוי מיר זיינען געקומען צו דער אידעאַ־ליסטישער פילאָזאָפיע. ער ווייזט אָן אויף די ענגלישע פילאָזאָפיע און אויך אויף קאַנטען, וועלכע האָבען פערניכטעט די סכאָלאַסטישע אידעען און אויפפאַסונגען פון סובסטאַנץ און מאַטעריע.

אין דעם פונקט, צו וועלכען מיר זיינען איצט געקומען, זעהט מען זעהר בולט דעם אונטער־שיעד צווישען לאַסאַל׳ס וועלט־אַנשויאונג און מאַרקס׳עס. לאַסאַל האַלט זיך, מיט קליינע ענדערונגען, אָן העגעל׳ס אידעאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג און אָן דער אידעאַליסטישער אויס־טייטשונג פון דער געשיכטע; מאַרקס האָט אָבער גענומען די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אויפפאַסונג, די אויפפאַסונג וואָס לערנט אונז, דאָס די עקאָנאָמישע בעדינגונגען זיינען דאָס די פאַקטאָרען, וואָס בעאיינפלוסען די אידעען, וואָס שאַפען די געוויסע פאָרמען פון בעשטימטע אינסטיטוציאָנען.

לאַסאַל׳ס שטעלונג צו די פראַגען פון רעכט, איז געווען אַ גאַנץ ריכטיגע. צוערשט קומט ער צום בעשלוס, אַז דאָס רעכט איז נור אַ פּראָ־דוקט פון די אידעען, וואָס עקזיסטירען אין דער געגעבענער צייט. די רעכטס־אינסטיטוציאָנען זיינען די רעאַליזאַציאָנען, די פערווירקליכונג פון די אידעען, וואָס זיינען פאַראַן אין פאָלק. די אידעען פון די פערשיעדענע פעלקער און צייטען זיינען פערשיעדען, דעריבער מוזען אויך די רעכטס־אינסטיטוציאָנען זיין פערשיעדען. וואָס ברענגט אָבער דערצו, דאָס די אידעען זיינען פערשיעדען? מאַרקס האָט די פראַגע געשטעלט און דאַרויף דעם ענטפער געגעבען: די עקאָנאָ־מישע בעדינגונגען זיינען עס די, וועלכע ברייני־גען אַרויס די אידעען; די עקאָנאָמישע בעדינ־גונגען זיינען דאָס דער פונדאַמענט, אויף וועלכען די אידעען, סיי אין רעליגיאָן, סיי אין מאָראַל, סיי אין רעכט, סיי אין קונסט האַלטען זיך. לאַ־סאַל אָבער אַלס אָן עכטער העגעליאַנער, אַלס אָן אידעאַליסט, איז דערביי שטעהן געבליבען. מאַרקס האָט אַלס אַ פועל יוצא דערפון, זיך גענומען צו אונטערזוכען די עקאָנאָמישע בעדינ־גונגען. פאַר לאַסאַל׳ן איז אָבער וויכטיג געווע־זען צו אונטערזוכען די אידעען אין רעכט אין זייער היסטאָרישער ענטוויקלונג — ווי פערשיע־דען זיי זיינען ביי די גערמאַנען און ביי די רוימער, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מעהר אויף דער רעכטס־פילאָזאָפיע.

בעזונדערס גלענצענד איז זיין אַרבייט אין ערברעכט. דאָס רוימישע ערברעכט איז דאָס טעסטאַמענט־רעכט. דער ירושה־איבערלאָזער האָט אַ רעכט אין זיין צוואה צו בעשטימען אי־בער זיין פערמעגען. דער ווילען פון דעם פער־שטאָרבענעם לעבט אויף דעם דאָזיגען אופן ווייטער, אין דער ירושה וואָס ער לאָזט איבער.

דאָס רוימישע רעכט איז אַלזאָ די פאָרטזעצונג פון דעם סוביעקטיווען ווילען פון דעם טעסטאַ־טאָר (צוואה־איבערלאָזער). אין גערמאַנישען רעכט האָבען מיר אַנאַנדער פאָרם פון ירושה, דאָס „אינטעסטאַנט־ערברעכט“ (ירושה־רעכט אָהן אַ צוואה). דאָ האָבען מיר אַ ריכטיגען פאַ־מיליען־רעכט. דער סוביעקטיווער ווילען פון דעם געשטאָרבענעם האָט דאָ גאָרניט וואָס צו זאָ־גען. די אורזאַכע פון דעם אונטערשיעד זוכט לאַסאַל צו ערקלערען דורך די פערשיעדענהייט פון די אידעען, וואָס האָבען עקזיסטירט אין רוי־מישען און גערמאַנישען פאָלק. אַ טריט ווייטער צו פרעגען פון וואַנען די פערשיעדענהייט פון די אידעען ביי די צוויי פעלקער האָט זיך גע־נומען — דאָס טהוט לאַסאַל ניט. ביים לעזען דעם קאַפּיטעל איבער דעם, מוז מען אָבער צו־געבען, דאָס לאַסאַל איז זעהר טיעפזיניג און לאָגיש.

דאָס מאָדערנע פאַמיליען־רעכט ווערט, ווי לאַסאַל פיהרט אויס, רעגולירט צוליעב ריינע מלוכה־צוועקען; עס ליעגט אין אינטערעס פון דער געזעלשאַפט צו האָבען דאָס איינגעאָרדעט אויף אַזאַ מין אופן. דאָ האָבען מיר קלאָהר די רעוואָלוציאָנערע אידעע, אַז די געזעלשאַפט אין איהרע אינטערעסען וועט קענען אָפּשאַפען דאָס עקזיסטירענדע אינסטיטוציאָן פון ירושה, ווייל דאָס איז ניט אָן אייביג־לאָגישע קאַטעגאָריע, נור אַ היסטאָרישע. און די אינסטיטוציאָן פון ירושה איז דאָך דער וויכטיגער זייל, אויף וועל־כען דאָס פריוואַטע אייגענטום האַלט זיך.

אַ צווייטע פראַגע אין רעכט, וועלכע לאַסאַל בעאַרבייט אויספיהרליך, איז — וואָס הייסט וואויל־ערוואָרבענע רעכט. זי איז ענג פערבונ־דען מיט דער פראַגע וועגען צוריקווירקונג פון רעכט. ווי בעקאַנט, איז דער גרונדזאַץ פון יע־דען רעכטס־סיסטעם, אַז עס איז גילטיג נור פון דער צייט, זייט עס איז פערפאַסט. די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציאָן האָט אָבער אָפּגעשאַפט געוויסע אינסטיטוציאָנען, ווי די שקלאַפען־אינ־סטיטוציאָנען און נאָך אַנדערע. דער מאָדערנער שטאַאַט נעהמט זיך אַ רעכט צו עקספּראָפּריאי־רען אייגענטום פון פריוואַט־מענשען, אויב מען בעדאַרף דאָס צו מלוכה־צוועקען. איז דאָס על פי יושר פון דער רעכטס־פילאָזאָפיע? דאָס קעהרט דאָך אום דעם גאַנצען בעגריף פון רעכט. בעזונדערס האָבען די רעכטס־פילאָזאָפען בע־טראַכט פאַר אונרעכט דאָס, וואָס די פראַנצוי־זישע רעגיערונג האָט ניט בעצאָהלט די פעאָדאַ־לען פאַר׳ן אָוועקנעהמען פון זיי זייערע שקלאַ־פען, אָדער פאַר׳ן עקספּראָפּריאירען אייגענטום אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. דער קוואַל פון רעכט איז, נאָך לאַסאַל׳ן, דאָס אַלגעמיינע בעוואוסטזיין פון פאָלק און ווען דאָס אַלגעמיינע בעוואוסטזיין פון אַ פאָלק ענדערט זיך, ענדערען זיך אויך די בעגריפען פון רעכט

און מיט זיי די רעכטס-אינסטיטוציאָנען. און דער איינציגער האָט אפילו ניט קיין רעכט אויף שאַדענערזאַץ. מיר זעהען דאָ פאַר זיך רעכטס-פילאָזאָפיש גלענצענד ענטוויקעלט די רעוואָלוציאָנערע אידעע פון רעכט.

ווי מיר קאָנען אורטיילען פון לאַסאַל'ס האַנדלען און שרייבען זיינען דער יוריסט און פילאָזאָף אין לאַסאַל'ן געוועזען צוזאַמענגעוואַקסען, און באַלד וועגט אין איהם אריבער איינער, באַלד דער אַנדערער.

א. יפה

לאַסאַל אלס פילאָזאָף

פערדינאַנד לאַסאַל האָט קיין אָבגעשלאָסענעם פילאָזאָפיש „סיסטעם" ניט געשאַפען. נאָך מעהר, ער האָט אונז ניט איבערגעלאָזען ניט איין ווערק, אין וועלכען מיר זאָלען קאָנען געפינען א סיסטעמאטישע „צוזאַמענשטעלונג" פון זיינע פילאָזאָפישע אנשויאונגען. און דאָך ווייסען מיר, אַז לאַסאַל איז געוועזען א גרויסער דענקער. אַלע זיינע ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיט זיין *פילאָזאָפישער וועלטאַנשויאונג*, וועלכע בילדעט דעם פונדאַמענט, דעם אויסגאַנגס-פונקט און ענדציעל פון זיין גאַנצער טהעטיגקייט, סיי אַלס שריפטשטעלער און סיי אַלס פאָליטישער טהוער. אין יעדער רעדע אפילו, וואָס לאַסאַל האָט געהאַלטען, פיהלט זיך דער גרויסער דענקער, ווייל אַלע איינצעלנע פראַגען געפינען זיך ביי איהם אין טיעפסטען צוזאַמענהאַנג מיט זיין אַלגעמיינער וועלטאנשויאונג. אין א געוויסען זין קאָן מען זאָגען, אַז לאַסאַל איז געווען דער לעצטער גרויסער רעפּרעזענטאַנט פון דער דייטשער קלאַסישער פילאָזאָפיע.

לאַסאַל איז געוועזען אַן אָרטאָדאָקסאַלער העגעליאנער. אמת, ער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק, אַז די העגעל'שע פילאָזאָפיע דאַרף „רעפאָרמירט" ווערען. ער האָט זי אָבער געוואָלט רעפאָרמירען אין דעם אַלטען *אידעאַליסטישען* גייסט. לאַסאַל האָט פערשטאַנען, אַז עס עקזיסטירט עפּיס א ווידערשפּרוך צווישען העגעל'ס *סיסטעם* און זיין *מעטאָדע*. ניט קוקענדיג דערויף אָבער איז לאַסאַל דאָך געבליבען געטריי זיין „אַלטער ליעבע". ער האָט, מיט איין וואָרט, דעם העגעליאַניזם ניט רעפאָרמירט אפילו אינ'ם אידעאליסטישען גייסט.

לאַסאַל איז אין פילאָזאָפישער הינזיכט געוועזען ניט קיין „רבי", נאָר א תלמיד, — א תלמיד אָבער א זעלבסטשטענדיגער, אָריגינעלער, געניאַלער. לאַסאַל איז געוועזען א דיאַלעקטישער אידעאַליסט, ד. ה. ער איז געשטאַנען אין גאַנצען אויף דעם באָדען פון העגעל'ס פילאָזאָפיע. ער האָט אָבער גלענצענד אָנגעווענדט דעם דיאלעקטישען אידעאליזם — בעזונדערס די דיאַלעקטישע מעטאָדע — אויף נייע געביעטען. לאַסאַל האָט געשטרעבט צו פעראייניגען דעם *דיאַלעקטישען אידעאַליזם* מיט דעם *מאָדערנעם סאָציאַליזם*. דער דיאלעקטישער אידעאַליזם האָט געזאָלט פילאָזאָפיש בעגרינדען דעם סאָציאליזם. און דער סאָציאליזם איז געווען פאַר לאַסאַל'ן א רעזולטאַט פון זיין אַלגעמיינער וועלטאנשויאונג.

דער סאָציאליזם האָט נאָך ביי לאַסאַל'ן געטראָגען, ווי פראַנץ מעהרינג בעמערקט, א יורידישען און פילאָזאָפישען כאַראַקטער, ד. ה. ער האָט איהם אויסגעדריקט אין בורזשואַזע געדאַנקען-פאָרמען. דער דיאַלעקטישער אידעאַליזם איז געוועזען די העכסטע שטופע, וועלכע דאָס בורזשואַזע דענקען האָט צו לאַסאַל'ס צייט דערגרייכט. לאַסאַל איז געבליבען שטעהן ביים דיאַלעקטישען אידעאַליזם, ד. ה. ביי בורזשואַזע געדאנקען-פאָרמען. ער האָט אָבער אָנגעפילט די אידעאליסטישע *געדאנקען-פאָרמען* מיט א נייעם *אינהאַלט*, מיט נייע סאָציאַל-פאָליטישע אידעען — מיט דעם *סאָציאַליזם*.

פיכטע און העגעל זיינען פאַר לאַסאַל'ן געוועזען די גרעסטע דענקער. פיכטע האָט אויף לאַסאַל'ן געמאַכט א גרויסען איינדרוק אַלס מענש, מיט זיין רעוואָלוציאָנערען גייסט, מיט זיין געוואַלטיגען מאָראַלישען פאַטאָס, מיט זיינע פאָליטיישע אידעען. אין פיכטע'ס טהעאָרעטישע פילאָזאָפיע האָט לאַסאַל געפונען די וויכטיגסטע מאָמענטען פון העגעל'ס פילאָזאָפיע, וועלכע איז געוועזען די רייפסטע פרוכט פונ'ם קלאַסישען אידעאַליזם. העגעל'ס פילאָזאָפיע איז געוועזען פאַר לאַסאַל'ן די העכסטע שטופע, צו וועלכע דאָס מענשליכע דענקען האָט זיך בכלל ענטוויקעלט. דעם קערן פון דער קלאַסישער פילאָזאָפיע בכלל און העגעל'ס פילאָזאָפיע בפרט בילדעט די דיאַלעקטישע מעטאָדע. די דיאַלעקטיק „איז די וויסענשאַפט-

ליכע אנווענדונג פון דער געזעצמעסיגקייט, וואָס ליעגט אין דער נאַטור פונ׳ם דענקען" (העגעל). די געזעצמעסיגקייט פונ׳ם דענקען בעשטעהט דערין, וואָס דער לאָגישער בעגריף ענטוויקעלט זיך אַ דאַנק די ווידערשפּרוכען, וואָס עס שטעקען אין איהם. דאָס דענקען, די אידעע, האָט געלערנט העגעל, איז די אמת׳ע ווירקליכקייט. דאָס זיין און דענקען איז איינס און דאָסזעלבע. די פערנונפט בעהערשט די וועלט, און די וועלטגעשיכטע איז די פערנינפטיגע, נויטווענדיגע ענטוויקלונג פונ׳ם וועלטגייסט. אַזוי איז העגעל געקומען צום בעשלוס, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין פערגליווערטעם **זיין**, קיין אונפערענדערליכע ווירקליכקייט, נאָר שטענדיגע בעוועגונג, דער אונענדליכער **פּראָצעס**. דער סוביעקט, דער טרעגער פונ׳ם פּראָצעס איז דער **גייסט**, דאָס דענקען.

די קלאַסישע פילאָזאָפיע איז געקומען צו אַ צווייטען בעשלוס, אַז דער זין פון דער געשיכטע, דער זין פונ׳ם היסטאָרישען פּראָצעס איז : די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער **פרייהייט**, די בעפרייאונג פונ׳ם מענשליכען גייסט. **די** הויפּט־אידעען בילדען אויף דעם קערן פון לאַסאַל׳ס וועלטאַנשויאונג. צו וועלכען צוועק, פרעגט לאַסאַל צוזאַמען מיט פיכטע׳ן, עקזיסטירט בכלל די וויסענשאַפט ? און לאַסאַל ענטפערט מיט פיכטע׳ס ווערטער : כדי מיר זאָלען קאָנען אין אַ בעשטימטען מאָמענט איבעראַנדערשען דאָס **גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען**. די **ווירקליכקייט** דאַרף זיין אַ ריכטיגע אָבשפּיגעלונג פון דער „ריינער אידעע", דעריבער דאַרף אויך די **סאָציאַלע** ווירקליכקייט זיין אַ **פערנינפטיגע** ווירקליכקייט, דאַרף פערווירקליכען די פאָדערונג פון דער פערנונפט, פון דעם „אַלגעמיינעם זעלבסטבעוואוסטזיין".

* * *

אויף דעם ריין פילאָזאָפישען געביעט האָט לאַסאַל זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גלענצענדען און געניאַלען ווערק איבער „העראַקליט דעם טונקעלן". פון שטיקלעך און ברעקלעך, פון איינצעלנע פראַגמענטען האָט לאַסאַל אויפגעבויט אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ. העראַקליט איז געווען דער ערשטער גרויסער דיאַלעקטיקער ; דעריבער האָט ער צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון לאַסאַל׳ן. אין העראַקליט׳ן האָט לאַסאַל געזעהען די אור־קוואַל, פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט די דיאַלעקטיק און אין אַ געוויסען זין זיין אייגענע וועלטאַנשויאונג. מען קאָן זאָגען אַז, לאַסאַל האָט ענטדעקט העראַקליט׳ן. זיין רעוואָלוציאָנערער אינסטינקט האָט איהם געוויזען דעם ריכטיגען וועג. אין העראַקליט׳ס פילאָזאָפיע, ווי אין דעם קלאַסישען אידעאַליזם, איז טיעף פערבאָרגען דער רעוואָלוציאָנערער גייסט. די דיאַלעקטיק קאָן באמת אָנגערופען ווערען די „אַלגעבראַ פון רעוואָלוציע". און לאַסאַל׳ס אויפגאַבע איז דעריבער געווען ווידער אַמאָל לעבעדיג צו מאַכען העראַקליט׳ן און זיין רעוואָלוציאָנערע פילאָזאָפיע, וועלכע האָט אויך געדאַרפט אינדירעקט בעגרינדען לאַסאַל׳ס אייגענע וועלטאַנשויאונג.

העגעל האָט שוין אָנגעוויזען דערויף, אַז אויב ביי די עלעאַטען איז דער הויפּט־פּרינציפּ געווען **דאָס זיין**, האָט די דיאַלעקטישע ענטוויקלונג פונ׳ם דענקען געמוזט פיהרען דערצו, אַז עס זאָל זיך אויסבילדען דאָס ענטגעגענגעזעצטע פּרינציפּ : **דאָס ווערען**. דעם בעגריף **ווערען** האָט העראַקליט בעטראַכט אַלס אַ דיאַלעקטישע בעוועגונג, אַלס די איינהייט פון „היפּך׳ן" אָדער ווידערשפּרוכען. דאָס העכסטע געזעץ איז לויט העראַקליט׳ס שטאַנדפּונקט דער **פּראָצעס** פון דער אייביג פליסענדער ווירקליכקייט. „אַלץ פליסט", אַלץ ענדערט זיך, אַלץ געהט איבער אין זיין אייביגען געגענזאַץ : לעבען אין טויט ; טויט אין לעבען. אַלץ, וואָס עקזיסטירט, ענטשטעהט און פערגעהט — וואָהרהייט איז לעבען. לעבען איז „פייער", ווייל אַלץ, וואָס **לעבט**, **ברענט**, ד. ה. פליסט, פערענדערט זיך.

לאַסאַל האָט אין זיין ווערק איבער „העראַקליט דעם טונקעלן" אויסגעטייטשט אויפ׳ן גרונד פון טיעפע פילאָלאָגישע און פילאָזאָפישע אונטערזוכונגען די אַלע „טונקעלע" טעקסטען, וועלכע האָבען געמאַכט פריהער אונפערשטענדליך העראַקליט׳ס פילאָזאָפיע. זאָל זיין, אַז לאַסאַל׳ס העראַקליט שטימט ניט אין גאַנצען מיט דעם ווירקליכען העראַקליט׳ן. דאָס איז גאָר ניט אַזוי וויכטיג. וויכטיג איז, ווי אַזוי לאַסאַל האָט פערשטאַנען העראַקליט׳ן, ווייל לויט דעם, ווי לאַסאַל האָט פערשטאַנען העראַקליט׳ן בעקומען מיר די מעגליכקייט צו פערשטעהען לאַסאַל׳ן. אין אַלגעמיין אָבער האָט לאַסאַל העראַקליט׳ן ריכטיג פערשטאַנען.

לאַסאַל שטרעבט צו בעווייזען, אַז העראַקליט איז נאָך דורך **פיזיקער** ; ער אָפּערירט מיט פיזישע, חושים׳דיגע בעגריפען. העראַקליט איז נאָך ניט קיין **לאָגיקער**. די לאָגישע בעגריפען זיינען איהם נאָך פרעמד. דעריבער איז ער נאָך ניט געווען פעהיג אויסצודריקען זיינע געדאַנקען אין דער פאָרם פון אבסטראַקטע לאָגישע בעגריפען, אין דער פאָרם פון געדאַנקען. בעת העראַקליט דאַרף אויסדריקען דעם געדאַנקען וועגען דער איינהייט פונ׳ם **זיין** און **ניט־זיין**, מוז ער דערצו אָנווענדען דעם זינליכען, ריין פיזישען בעגריף : **פייער**. אונטער דעם

פיזישען בעגריף פייער אָבער האָט שוין הערַאקליט פערשטאַנען — די בעוועגונג, דעם פּראָצעס. דער בעגריף וועלט־שרפה איז, לויט לאַסאַל'ס מיינונג, אויך קיין אַנדער זאַך ניט, ווי די דיאַלעקטישע בעוועגונג, דער דיאַלעקטישער פּראָצעס. הערַאקליט דענקט נאָך, מיט איין וואָרט, אין קאָנקרעטע פיזישע בעגריפען. די אבסטראקטע לאָגישע בעגריפען איז ער געצוואונגען אויסצודריקען אין זינליכע פאָרמען.

הערַאקליט האָט געשאַפען דעם פאָרמאַלען ערקענטניס־בעגריף, ד. ה. די „איינהייט פון געגענזאַצען“ אין זייער ענטוויקלונג, ד. ה. די ווידערשפּרוכס־לאָגיק, די דיאַלעקטיק. הערַאקליט האָט אויך בעשאַפען דעם פאָרמאַלען זיטליכען גרונד־בעגריף, זאָגט לאַסאַל, — די איבערגעבענקייט דעם כלל, דער אַלגעמיינהייט.

דאָס זיינען אויך די אייגענע אנשויאונגען פון לאַסאַל'ן. דער אונטערשיעד אָבער איז נאָר דער, וואָס לאַסאַל (ווי העגעל) איז שוין ניט קיין „פיזיקער“, נאָר „לאָגיקער“.

פאַר איהם איז זיין און דענקען, סוביעקט און אָביעקט, אידעע און ווירקליכקייט איינס און דאָסזעלבע, אמת ניט אַלס געגעבענע פאַקטען, נאָר אין דעם ענטוויקלונגס־פּראָצעס.

קאַנט האָט בעטראַכט די אויסערליכע אָביעקטיווע וועלט נאָר אַלס אן ערשיינונג. ביי איהם איז אָבער נאָך איבערגעבליבען דאָס „דינג אַן זיך“. ביי פיכטע'ן ווערט פונ'ם „דינג אַן זיך“ אַ „איך אַן זיך“, ד. ה. דאָס איך, דאָס דענקען שאַפט פון זיך אַליין די אָביעקטיווע וועלט. אויב דאָס איך שאַפט פון זיך אַליין די אָביעקטען, הייסט עס, אַז דאָס איך איז גלייכצייטיג סוביעקט־אָביעקט, אַז דאָס דענקען און זיין איז איינס און דאָסזעלבע, אַז זיי זיינען נאָר פערשידענע מאָמענטען פון איין און דערזעלבער זאַך. די אמת'ע ווירקליכקייט, די וואַהרהייט איז טהעטיגקייט, דער פּראָצעס, וועלכער עקזיסטירט אין צוויי פאָרמען, וועלכער ענטפּלעקט זיך פון איין זייט אַלס אָביעקטיוועס זיין, פון אַנדער זייט — אַלס בעוואוסטזיין. „אויף אַזאַ אופ'ן, זאָגט לאַסאַל, פליהען זיך ביידע פאַקטאָרען — דאָס דענקען און די געגענשטאַנדס־וועלט — צונויף אין אַ לעצטע און טיעפסטע איינהייט, און זיי ביידע קאָנען מיר בעטראַכטען נאָר אַלס בעזונדערע מאָמענטען און אַלס די אייגענטליכע עקזיסטענץ פונ'ם אַלגעמיינעם גייסט“.

אַזוי איז די ווירקליכקייט פאַר לאַסאַל'ן אַן ערשיינונגס־פאָרם פונ'ם גייסט.

הינטער דער ווירקליכקייט איז פערבאָרגען דער גייסט. דאָס גייסטיגע פּרינציפּ אַלזאָ בעהערשט די וועלט. דער גייסט אָבער געפינט זיך אין שטענדיגער ענטוויקלונג. און זיין ענטוויקלונג קומט פאָר לויט די געזעצען פון דער „ווידערשפּרוכס־לאָגיק“. דער לאָגישער פּראָצעס פונ'ם גייסט, פונ'ם זעלבסטבעוואוסטזיין און דער היסטאָרישער פּראָצעס פון דער ווירקליכקייט איז איין און דערזעלבער פּראָצעס, ווייל די ווירקליכקייט און דער גייסט איז סוף כל סוף איינס און דאָסזעלבע. די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט אויסגעאַרבייט און איינגעפיהרט אין די וויסענשאַפט דאָס ענטוויקלונגס־פּרינציפּ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט. מיט דער הילף פון דעם ענטוויקלונגס־פּרינציפּ האָט זיך איינגעגעבען צו רעוואָלוציאָנירען די ווירקליכקייט. און לאַסאַל איז איינער פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געשטרעבט, זיך שטיצענדיג אויף די וויסענשאַפט, אויף די לעצטע רעזולטאַטען פון דער פילאָזאָפיע, צו איבעראַנדערשען די ווירקליכקייט. די פילאָזאָפישע וועלטאנשויאונג איז ענג פערבונדען מיט די „עמפּירישע“ אויפגאַבען פון „אונזער נאַציאָן“. די ווירקליכקייט קאָן ניט עקזיסטירען פאַר זיך אבסאָלוט און אָביעקטיוו. דער גייסט איז די אמת'ע וואַהרהייט, די אידעע בעהערשט די ווירקליכקייט. און דעריבער דאַרף די ווירקליכקייט זיך אונטערגעבען דעם גייסט. די ווירקליכקייט דאַרף געענדערט ווערען, לויט די פאָדערונגען און פאָרשטעלונגען פון דער אידעע, פונ'ם גייסט. מען דאַרף שטרעבען צו פעראייניגען די רעאַלע וועלט מיט דעם גייסט, די געגעבענע היסטאָרישע ווירקליכקייט דאַרף איבערמעכטיגט ווערען, כדי דער גייסט זאָל פערווירקליכט ווערען, כדי די ווירקליכקייט זאָל צוריק קומען צו איהר אייגענעם וועזען. און לאַסאַל רעדט וועגען דער היסטאָרישער, פערשטיינערטער און פערגליווערטער ווירקליכקייט, וואָס איז ניט קיין ריכטיגער אויסדרוק פונ'ם אַלגעמיינעם זעלבסטבעוואוסטזיין. און ער פאָדערט, אַז די אָביעקטיווע וועלט, די געגעבענע ווירקליכקייט זאָל איבערמעכטיגט ווערען, ווייל דאָס פאָדערט דער גייסט, דאָס אַלגעמיינע זעלבסטבעוואוסטזיין. די רעאַלע וועלט דאַרף „שלום מאַכען“ מיט דעם גייסט. און די אייגענאַרטיגע ענטוויקלונג פון אונזער ד. ה. דייטשער נאַציאָן, זאָגט אין אַן אָרט לאַסאַל, בעשטעהט דערין, וואָס מיר הויבען אָן שטענדיג פון דער טהעאָרעטישער מעטאַפיזישער זייט. ד. ה. דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ קאָנפליקט צווישען דער ווירקליכקייט און דעם גייסט, הויבען „מיר“ אָן דערפון, וואָס „מיר“ בעזייטיגען בעוואוסטזיניג, מעטאַפיזיש די כלומרש'טיגע זעלבסטשטענדיגקייט פון דער

אָביעקטיווער וועלט. און די וויכטיגסטע אויפ־
גאַבע פון דער קלאַסישער פילאָזאָפיע איז, לויט
לאַסאַל׳ס מיינונג, בעשטאַנען געראדע דערין,
וואָס זי האָט אין גאַנצען בעזייטיגט די זעלב־
שטענדיגקייט פון דער אָביעקטיווער וועלט און
האָט אויף אַזאַ אופן פעסטגעשטעלט די זעלב־
שטענדיגקייט פון דעם גייסט. די אידעאַ־
ליסטישע פילאָזאָפיע האָט אָבגעטהון אַ טיעף
רעוואָלוציאָנערע אַרבייט: זי האָט אין גאַנצען
אונטערגעגראָבען די יסודות פון דער אָביעקטי־
ווער ווירקליכקייט און צוזאַמען מיט איהר אויך
די יסודות פון דער היסטאָריש געגעבענער ווירק־
ליכקייט, ד. ה. פון דער געגעבענער געזעלשאַפט־
ליך־פּאָליטישער אָרדנונג. אַזוי איז דער פּראַק־
טישער אידעאַליזם ענג פערבונדען מיט דעם
טהעאָרעטישען אידעאַליזם. און ס׳איז בע־
שטימט קיין ספק ניט, אַז לאַסאַל׳ן האָט בעזונ־
דערס שטאַרק בעצויבערט אין דער אידעאַליסטי־
שער פילאָזאָפיע איהר רעוואָלוציאָנערער גייסט,
די פּראַקטישע אויספיהרונגען, וואָס מען האָט
געקאָנט דערביי מאַכען.

* * *

די וועלטגעשיכטע, זאָגט העגעל, איז דער
פערנונפטיגער נויטווענדיגער גאַנג פון דעם
וועלט־גייסט. דער ענדצוועק פון דער וועלט־
געשיכטע איז דער, אַז דער גייסט זאָל קומען
צום בעוואוסטזיין פון זיין פ ר י י ה י י ט.
דער שטאַאַט איז די פערקערפּערטע פערנונפט
אין׳ם לעבען פון דער מענשהייט. דער שטאַאַט
האָט דעריבער די אויפגאַבע צו פערווירקליכען
די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט צו פרייהייט.
דער גייסט דאַרף זיך ב ע פ ר י י ע ן פון
דער אָביעקטיווער וועלט, פון דער „פרעמדער“
ווירקליכקייט.

פון דעמזעלבען שטאַנדפּונקט געהט אויך
אַרויס לאַסאַל. פאַר איהם איז די געשיכטע אַ
קאַמפּף מיט דער נאַטור, אָרעמקייט, שוואַכקייט,
מיט איין וואָרט, מיט יעדער א ו נ פ ר י י־
ה י י ט, אין וועלכער מיר האָבען זיך איינגע־
פונען, בעת דאָס מענשען־געשלעכט האָט אָנ־
געהויבען זיין געשיכטע. דער אינערליכער זין
פון דער געשיכטע, פון דעם גאַנצען געשיכטלי־
כען פּראָצעס איז די ענטוויקלונג פון פ ר י־
ה י י ט. מיר וואָלטען אָבער, זאָגט לאַסאַל,
קיינמאָל ניט געמאַכט אין דעם קאַמפּף, קיין
טריט פאָראויס, ווען מיר וואָלטען איהם גע־
געפיהרט יעדער פאַר זיך. די אויפגאַבע פונ׳ם
שטאַאַט איז צו ענטוויקלען דאָס מענשען־גע־
שלעכט אין דער ריכטונג פון פרייהייט. די ענט־
וויקלונג פון פרייהייט און קולטור איז אָבער
מעגליך נור דאַן, ווען די איזאָלירטע איינצעלנע
אינדיווידואומען ווערען צוזאַמענגעשמאָלצען אין
א ז י ט ל י כ ע א י י נ ה י י ט. אַזאַ זיט־
ליכע איינהייט איז דער שטאַאַט. דער ציעל
פונ׳ם שטאַאַט איז פאָזיטיוו צו ענטוויקלען און
שטענדיג צו פערפאָלקאָמען דעם מענשען, פער־
ווירקליכען די אמת׳ע בעשטימונג פון מענשען —
מיט איין וואָרט, דער ציעל פונ׳ם שטאַאַט איז די
ערציהונג און ענטוויקלונג פון דער מענשהייט
צו פרייהייט. אַזוי ווי די אידעע, דער גייסט
איז דער סוביעקט פון דער וועלט־אָרדנונג בכלל,
אַזוי דאַרף אויך אין דער געשיכטע און אין
סאָציאַלען לעבען הערשען די „פערנינפטיגע“
אָרדנונג, די אידעע. און די פערנינפטיגע סאָ־
ציאַלע אָרדנונג פאָדערט דעריבער, אַז דאָס פּרינ־
ציפּ אָדער די א י ד ע ע פונ׳ם פיערטען
שטאַנד, ד. ה. דער סאָציאַליזם, זאָל „פערווירק־
ליכט“ ווערען אין דער „ווירקליכקייט“.

העגעל האָט געלערנט, אַז די אַזוי גערופענע
פאָלקס־גייסטער זיינען איינצעלנע ענטוויקלונגס־
מאָמענטען אין דעם וועלט־גייסט. לאַסאַל האָט
אין דער הינזיכט געטהאָן א וויטערדיגען וויכ־
טיגען שריט. ער האָט בעוויזען, אַז יעדער
בעזונדערער „פאָלקס־גייסט“ ווערט צושפּאָלטען
אויף פערשיעדענע שטאַנדען, אָדער ריכטיגער
געזאָגט, קלאַסען־„גייסטער“. יעדער בעזונדערער
שטאַנד אָדער קלאַס האָט זיין בעזונדערען
פּרינציפּ אָדער אידעע. אין יעדער בעשטימטער
עפּאָכע הערשט אַ בעשטימטע א י ד ע ע. דער
טרעגער פון דער אידעע איז א בעשטימטער גע־
זעלשאַפטליכער ק ל א ס. אַזוי האָבען דער
אָדעל, די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט
פערשיעדענע אידעען. דער היסטאָרישער פּראָ־
צעס בעשטעהט אין דער ענטוויקלונג פון די
אידעען. דער א י נ ה א ל ט פון די אידעען
איז א מאַטעריעלער. אַזוי איז די אידעע אָדער
דאָס פּרינציפּ פון דער בורזשואַזיע — ד אָ ס
ק אַ פּ י ט אַ ל. דער מאַטעריעלער מאָמענט
איז אָבער נור די אויסערליכע פאָרם פון דער
אידעע, ווייל דער אמת׳ער זין פון דער גע־
שיכטע איז ד י ז י ט ל י כ ע ע נ ט ו ו י ק־
ל ו נ ג, איז דער שטענדיגער אונאויפהערליכער
קאַמפּף פאַר פ ר י י ה י י ט. די פערשיעדענע
פּרינציפּען אָדער קלאַסען־אידעען זיינען נור פער־
שיעדענע ש ט ו פ ע ן אין דעם ענטוויקלונגס־
פּראָצעס פון דער מענשליכער פרייהייט, קולטור
און זיטליכקייט.

אין דעם איצטיגען היסטאָרישען מאָמענט
איז שוין דאָס בורזשואַזע פּרינציפּ געקומען אין
ווידערשפּרוך מיט דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט־
ליכער ענטוויקלונג. עס איז אויפגעקומען די
אידעע פונ׳ם פיערטען שטאַנד, אָדער די אידעע
פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס. די זיטליכע אידעע
פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס בעשטעהט אין אינטע־
רעסען־אחדות און אין דער געגענזייטיגער ענט־
וויקלונג. די אידעע פונ׳ם פיערטען שטאַנד
דעקט זיך מיט דער גייסטיגער אָדער זיטליכער
אויפגאַבע פונ׳ם שטאַאַט בכלל. און דעריבער
קען מען ערוואַרטען, אַז אין דעם שטאַאַט, אין
וועלכען דאָס זיטליכע פּרינציפּ פונ׳ם אַרבייטער־

קלאַס וועט ווערען דאָס ה ע ר ש ע נ ד ע פּרינציפּ, וועט אויפבליהען די זיטליכקייט, קול־טור און וויסענשאַפט. אַזוי פאַלט צוזאַמען די ריכטיגע „אידעע“ פונ'ם שטאַאט אַלס זיטליכער אָרגאַניזם און איינהייט מיט דער אידעע פונ'ם פּיערטען שטאַנד, ד. ה. מיט דעם ס אָ צ י אַ־ל י ז ם. דאָס נייע פּרינציפּ, די נייע אידעע דאַרף זיין אימשטאַנד צו שאַפען פון זיך אַ נייע געזעלשאַפט, אַ נייע פּאָליטישע פאָרם און די הויפּט־יסודות פון אַ נייער עטיק...

לאַסאַל האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז די קלאַסען־א י ד ע ע ן זיינען ענג פערבונדען מיט די קלאַסען־א י נ ט ע ר ע ס ע ן. די אינטערעסען אָבער, ד. ה. דאָס מאַטעריעלע מאָמענט, איז נור די אויסערליכע פאָרם, אין וועלכער עס ערשיינט דאָס אידעעלע מאָמענט, ד. ה. די אידעע. לאַסאַל האָט שטענדיג גע־שטרעבט צו ענטדעקען הינטער דער מ אַ ט ע־ר י ע די א י ד ע ע.

די אידעע פונ'ם פּיערטען שטאַנד פאַלט צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. און דעריבער פאָדערט דאָס מאָראַלישע פּרינציפּ: „די איבערגעבענקייט דעם כּלל“, אַז יעדער זאָל זיך אין גאַנצען איבערגעבען דער אידעע פונ'ם פּיערטען שטאַנד, וועלכע דריקט אויס גלייכצייטיג דאָס ענטוויקלונגס־געזעץ פון דער געזעלשאַפט בכלל. אַזוי איז די ז י ט ל י כ ק י י ט פערבונדען מיט דער וויסענשאַפט. דאָס ז י ט ל י כ ע ג ע ז ע ץ איז אַ רעזולטאַט פון דער ו ו אַ ה ר ע ר ע ר ק ע נ ט נ י ס. לאַסאַל'ס וועלט־אַנשויאונג טראָגט, ווי מיר זעהען, אויך אַן ע ט י ש ע ן כאַראַקטער.

* * *

לאַסאַל'ס רעכטס־פילאָזאָפיע איז אויך דורכגעדרונגען מיט דעם ריין אידעאַליסטישען גייסט און איז אויפגעבויט אויף ריין אידעאַ־ליסטישע פּרינציפּען. „דאָס סיסטעם פון די ערוואָרבענע רעכט“ איז ניט קוקענדיג דערויף אַ בעדייטענדעס ווערק, אין אַ געוויסען זין אַ מייסטער־ווערק. אין זיין רעכטס־פילאָזאָפיע האָט לאַסאַל זיך אויך געשטיצט אויף העגעל'ן. ער האָט דאָך געמאַכט אין פערגלייך מיט זיין לעהרער אַ גרויסען טריט פאָרווערטס. ער בע־נוצט זיך גלענצענד מיט דער דיאַלעקטישער מע־טאָדע, וועלכע האָט איהם געגעבען די מעגליכ־קייט צו בעווייזען, אַז דאָס אייגענטום למשל, ווי אַנדערע רעכטס־אינסטיטוציעס זיינען נאָר היסטאָרישע קאַטעגאָריען. „דאָס סיסטעם פון די ערוואָרבענע רעכט“ האָט געזאָלט געבען אַ רעכטס־פילאָזאָפישע בעגרינדונג פונ'ם סאָציאַ־ליזם.

„דער איינציגער קוואַל פון רעכט איז דאָס אַלגעמיינע בעוואוסטזיין פון גאַנצען פאָלק, דער אַלגעמיינער גייסט“. קוים ענדערט זיך דאָס אַלגעמיינע בעוואוסטזיין פון פאָלק, ענדערען זיך צוזאַמען מיט איהם אויך די געזעצען און די פערשיעדענע רעכטס־אינסטיטוציעס. קיי־נער קאָנען מיר זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף פערשיעדענע איינצעלהייטען, ווי למשל, אויף די אינטערעסאַנטע אויטפיהרונגען וועגען דער מאכט פונ'ם געזעץ אויף די פערגאַנגענהייט, וועגען ערב־רעכט און ד. גל. מיר וויקלען נאָר אונטערשטרייכען אין וועלכען גייסט דאָס בע־ריהמטע ווערק איז געשריעבען. די איינהייט און דער ווידערשפרוך צווישען דער רעכטס־סובסטאַנץ און דעם בעגריף פון דער אינדיווי־דועלער ווילענס־פרייהייט — דאָס איז די אַקס, אַרום וועלכער עס דרעהט זיך די גאַנצע אונ־טערזוכונג. ער בענוצט זיך אָבער גלענצענד מיט דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, — זאָל זיין אין איהר אידעאַליסטישער פאָרם.

צווישען דער ר ע כ ט ל י כ ע ר און עקאָנאָמישער ענטוויקלונג עקזיסטירט לויט לאַסאַל'ס מיינונג אַ געוויסער פּ אַ ר אַ־ל ע ל י ז ם. אין אַ בעמערקונג אינ'ם „סי־סטעם פון די ערוואָרבענע רעכט“ ערקלערט לאַסאַל, אַז „דער קולטור־היסטאָרישער פּראָצעס פון דער גאַנצער רעכטס־געשיכטע בעשטעהט דערין, וואָס עס ווערט אַלץ אַ גרעסערע צאָהל זאַכען אויסגעשלאָסען פון דער אייגענטומס־ספּערע, ד. ה. דאָס אייגענטום ווערט אַלץ מעהר איינגעשרענקט, בעגרענצט. פּאַראַלעל מיט דעם פּראָצעס אויפ'ן געביעט פון ר ע כ ט ענטוויי־קעלט זיך דער עקאָנאָמישער פּראָצעס, וואָס האָט דיזעלבע טענדענץ. דער אויסגאַנגס־פּונקט און די אמת'ע אורזאַכע פון דעם עקאָנאָמיש־רעכטליכען פּראָצעס איז ווידער די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער פרייהייט; עקאָנאָמיק און רעכט זיינען צוויי ערשיינונגס־פאָרמען פון איין און דעמזעלבען פּ ר אָ צ ע ס, וועלכער בעשטעהט אין דער ענטוויקלונג פון ד ע ר מ ע נ ש ל י כ ע ר פ ר י י ה י י ט.

* * *

לאַסאַל איז געווען דער לעצטער גרויסער דיאַלעקטישער אידעאַליסט. ער האָט וויטער ענטוויקעלט דעם דיאַלעקטישען אידעאַליזם פון העגעל'ן און איז געקומען דעריבער צו נייע וויכטיגע אויספיהרונגען אויף דעם ס אָ־צ י אַ ל־פ י ל אָ ז אָ פ י ש ע ן געביעט. ער האָט געמאַכט די לעצטע לאָגישע אויספיה־רונגען פונ'ם קלאַסישען אידעאַליזם.

מען מוז אָבער זאָגען, אַז דער פאַקטישער מאַטעריעלער א י נ ה אַ ל ט פון זיין וועלט־אַנשויאונג איז אַריבערגעוואַקסען די פילאָזאָ־פישע „ה י ל ע“, אין וועלכער ער איז גע־ווען איינגעוויקעלט, ד. ה. אַרויסגעהענדיג פונ'ם א י ד ע אַ ל י ז ם, איז לאַסאַל געקומען פאַק־טיש צו מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ש ע רע־זולטאַטען.

לאַסאַל האָט אויסגעדריקט די פּראָלעטאַרישע וועלט־אַנשויאונג אין בירגערליכע געדאַנקען־פאָרמען. זיין וועלט־אַנשויאונג איז געווען לויט איהר אינהאַלט וויסענשאַפטליך, רעאַליסטיש און מאַטעריאַליסטיש; לויט דער פאָרם אָבער איז זיין וועלט־אַנשויאונג געווען מעטאַפיזיש און אידעאַליסטיש. ער האָט זעלבסטשטענדיג ענטוויקעלט דעם דיאַלעקטישען אידעאַליזם, הייסט עס, ביז זיין העכסטער שטופע. דער וויסענשאַפטליכער אינהאַלט, בעזונדערס אין זיינע פּאָליטישע רעדען און עקאָנאָמישע שריפטען איז אַריבערגעוואַקסען די מעטאַפיזישע און אידעאַליסטישע פאָרם. עס איז מעגליך, אַז אויב לאַסאַל וואָלט לענגער געלעבט, וואָלט ער געמאַכט די געהעריגע אויספיהרונגען און וואָלט איבערגעגאַנגען צום דיאַלעקטישען מאַטעריאַליזם, ווי דאָס האָבען פריהער געטהאָן די געוועזענע העגעליאַנער — מאַרקס און ענגעלס.

ישלם אַש

דער וועג צו זיך:

ראָמאַן.

צווייטער טייל.

קאַפּיטעל 27.

איבער די פעלדער פון יהודה.

איבער די וויסטע פעלדער פון יהודה איז מישא צוריקגעגאַנגען קיין ירושלים צו זיין ווייב, וואו ער האָט זי געלאָזט, ווען ער איז אָב אין די קאָלאָניעס.

א טרויעריג געפיהל האָט געדריקט זיין האַרץ, ווען ער האָט פערלאָזט דעם פעטען טאָל, וואָס ליגט הינטער די הרי־יהודה. צום לעצטען מאָל, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט ער פון די פערשטיינערטע יהודה־בערג געוואָרפען זיין בליק אויף דעם טאָל, אין וועלכען עס ליגען די קאָלאָניעס פון יהודה.

א גרויסער ים פון ווייסען קאַלך־שטיין האָט געבלייבט זיך אין דער אויפגעהענדער זון. און אין דעם ים האָבען זיך געוויזען, ווי קליינע אינזלען, קליינע גרינע קופּקעלעך בוימער און שטיקער גרינע בעוואַקסענע פעלדער פון די אידישע קאָלאָניעס.

די קליינע אינזלען זיינען עדות פון א גרויס בענקעניש, וואָס האָט זיך ערוועקט אין אידישען פאָלק נאָך ערד, נאָך א היים — האָט ער זיך געטראַכט — און דאָס זיינען די ערשטע פונקטען, די ערשטע ווינקעלשטיינער, וואָס זיינען געלעגט געוואָרען צו ערבויען די נייע היים. און די ווינקעלשטיינער פערלאָזט ער יעצט... פערלאָזט ער ניט מיט זיי דאָס גרויסע בענקשאַפט, וואָס האָט זיך אין האַרץ ערוועקט צו זיך אַליין, וואָס האָט איהם דאָ אהער געשלעפּט צו די ווינקלען? — און ער האָט זיך ארומגעקוקט איבער דעם גאַנצען לאַנד ארום, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען הינטער די פיס פון די הרי־יהודה און איז געלעגען אויסגעשפּרייט פאַר איהם, ווי אויף דער האַנד.

די לופט איז געווען אַזוי קלאָהר און דורכזיכטיג, אַז מען האָט געזעהען די ברעגען פון לאַנד ארום יפו, ווי זיי טרעטען אריין אין ים אריין. און דאָס לאַנד איז וויסט ארום און ארום. וואו־נישט־וואו ווייזט זיך א בוים, גרינט זיך א גרינע בייט, צינדט זיך אָן א רויט ציגעל־וואַנד פון א שטיבעל, ווייסען זיך ווייסע פיערעקעכיגע קאַלך־דעכער פון אראַבישע דערפער. און דאָס איז עס דאָס ווינקעל, וואָס האָט געזאָלט שטילען זיין בענקשאַפט, וואו ער האָט געזאָלט געפינען די רוה און דעם וועג צו זיך. און זיין בענקשאַפט האָט נישט אויפגעהערט. עטוואָס האָט ער יאָ געפונען — אפשר רוה און ארבייט — נור דעם וועג צו זיך איז דאָס נישט געווען. עס האָט געפיהלט אין דעם אַלעם דער עיקר — די נשמה.

און א גרויס בענקשאַפט האָט איהם ארומגענומען נאָך דער נשמה פון פאָלק. דאָרט וואו דאָס אידישע פאָלק לעבט — לעבט די נשמה פון פאָלק. און נאָך דעם האָט ער געבענקט. און דאָס האָט ער נישט געפונען. אַליין האָט ער זיך געפיהלט דאָ. יעדער איינער פון די דאָ, וואָס זיצען דאָרט, איז אַליין— קליינע אינזעלעך, וואָס זיינען אָבגעריסען פון גרויסען, גרויסען לאַנד. און צווישען זיי און דער מוטער ערד ליגט א גרויסער ים און קיין וועג געפינט זיך נישט צו דער מוטער ערד. זיי

זיינען פערשאָלטען דאָ אַליין, דורך דעם געפינען זיי זיך נישט.

און עפּיס ווי אַ גרויסע משא איז איהם אַראָב פון די פּלייצעס. ער פיהלט, ער האָט אַ גרויסע זאַך פערלוירען. נור דאָס מאַכט איהם נישט טרויעריג, פערקעהרט, ער פיהלט זיך לייכט. עס איז איהם עפּיס ליכטיגער געוואָרען פאַר די אויגען. אין האַרץ צינדט זיך אָן אַ נייע האָפנונג און אַ נייע בענקשאַפט. און ער פיהלט וואָס דאָס איז — ער בענקט נאָך דעם אידישען פאָלק.

דאָרט וואו אידען זיינען, טראָגען זיי מיט זיך נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס דער איד דאַרף דאָס, זייער לופט און זייער היימאַט. און עס דאַכט זיך איהם, אַ שכינה געהט מיט מיט זיי וואו זיי קומען. און די שכינה איז דאָרט געבליבען אין גלות און איז פערטריבען געוואָרען פון די בערגער דאָ, פון דער ערד דאָ. און די שכינה, און די נשמה זוכט ער. און דאָרט איז זי מיט זיי.

און עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַ בילד — ער זעהט ווי נבוזראַדן טרייבט די אידען פון ירושלים אַרויס, טרייבט זיי פון די בערגער פון יהודה אַראָב צום ים צו. דאָרט ביים ברעג פון ים שטעהען די שיפען גרייט, וועלכע זאָלען פיהרען די אידען אין גלות אַריין. און ער איז אויך צווישען די גולים. אָט האָט ער זיך אַרויסגע'גנב'עט פון דער מחנה, אַוועק גע'גנב'עט זיך פון נבוזראַדן'ס זעלנער, בעהאַלטען זיך אין אַ טאָל און איז אַליין אין לאַנד איבערגעבליבען. ער וועט זיך דאָ בעזעצען, דאָ וועט ער זיך אויפהאַלטען, אין לאַנד אַריין און ווידער אַ מאָל דעם ישוב בעשאַפען. פון דערווייטענס זעהט ער די גולים זיינען שוין צום ברעג ים צוגעקומען, ווערען שוין אין די שיפען געטריבען, און ער אַליין איז דאָ אין די בערגער איבערגעבליבען. און עס כאַפּט איהם אָן אַ גרויס בענקשאַפט נאָך די גולים, נאָך אידען, צו געפינען זיך דאָרטען וואו זיי זיינען, מיט זיי צוזאַמען זיין. עפּיס פיהרען זיי מיט מיט זיך, עפּיס האָבען זיי מיטגענומען מיט זיך . . . און ער קוקט זיך אין די בערג אַרום, אויף די פעלדער, אויף די פערלאָזטע דערפער. ווי פרעמד זיי זיינען איהם ! . . . און ער אַנטלויפט פון זיי, לויפט צום ברעג ים אַראָב. אָט זיינען שוין די שיפען אָבגעפאָהרען, פיהרען שוין די אידען אין גלות אַריין. און ער איז אַליין אויפ'ן ברעג געבליבען. ער שטרעקט אויס די הענד נאָך די שיפען און שרייט מיט אַ גרויס קול און בעט זיך ביי זיי : „נעהמט מיך מיט ! נעהמט מיך מיט ! . . . איך וויל אויך זיין צווישען אייך !“ . . .

מישא האָט, בשעת ווי ער האָט געטראַכט דאָס, אין די בערגער זיך אומגעקוקט, וואו ער איז געגאַנגען אויף דעם אויסגעטרעטענעם וועג. אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען די שטיינערנע הויכע בערג און זיינען שטום געווען, און פערשאָלטען זיינען זיי געווען. עס האָט זיך געדאַכט, ווי אַ קללה ליגט אויף זיי, אַז נישט אידען זיינען אין גלות, נור זיי, אָט די בערג און דאָס לאַנד זיינען אין גלות. די נשמה פון לעבען איז אַוועק פון זיי, איז מיטגעגאַנגען מיט די אידען אין גלות אַריין און זיי איבערגעלאָזט — טויטע, פערשאָלטענע שטיינער. און פריהער וועלען זיי נישט בעלעבט ווערען, ביז אידען וועלען ניט צוריק קומען און זיי מיטברענגען די נשמה.

און עס איז איהם שוין נישט טרויעריג געווען, וואָס ער פערלאָזט דאָס לאַנד. עפּיס וואָס האָט זיך אויסגעלאָשען ביי איהם, און עפּיס וואָס האָט זיך אָנגעצונדען. און ער ווייסט יעצט וואָס ער זוכט און וואו ער האָט עס צו געפינען. דאָס איז די נשמה פון לעבען, די אידישע נשמה, וואָס האָט אַ מאָל דאָ געלעבט — דאָס זוכט ער. און זי האַלט זיך אויף נישט צווישען די טויטע שטיינער דאָ, נור צווישען די לעבעדיגע מענשען, וואָס האָבען זי מיטגענומען פון דאַנען, און דאָרט, ביי זיי, האָט ער זי צו זוכען.

און מיט דעם געווינס, וואָס ער האָט יעצט געפונען, איז ער געגאַנגען אַ פרעהליכער איבער דעם באַרג קיין ירושלים אַריין צו זיין יונג ווייבעל.

מיט דעם טאָג מיט איז ער קיין ירושלים אַריינגעקומען. די נאַכט האָט זיך גערוקט איבער ירושלים אַ פעטע און אַ פינסטערע ווי די טרויעריגע נעכט אין די אלול־טעג. אין מערב האָט זיך אָנגעצונדען אַ גרויס ליכט פון דער אונטערגעהענדער זון און דער באַלעם פון דער זון האָט זיך לאַנג, לאַנג געקוילערט איבער דעם ווייטען, ווייטען ארץ־ישראל־הימעל, ביז ער איז פערטרונקען אין די טונקעלע נעבעל־ימים, וואָס האָבען, ווי שוואַרצע פינסטערע חיות, געלויערט אויף איהם ביים עק הימעל.

און פון דער צווייטער זייט איז ירושלים שוין אין טונקעלהייט געלעגען.

ער איז דורכגעגאַנגען די גאָלגאָטע און אַ ציטערניש האָט איהם אַרומגענומען פאַר דער טרויעריגער בלוטיגער געשיכטע פון זיין פאָלק, פאַר דער גרויסער בלוטיגער נקמה פאַר דעם, וואָס האָט זיך אַ מאָל דאָ אָבגעשפּיעלט אויף דעם פּלאַץ . . .

און ווי קומען זיי די פרעמדע פעלקער די ווייטע צו נעהמען נקמה פאַר דעם וואָס האָט זיך געטהון צווישען ברידער ? — האָט ער זיך געטראַכט — און ווי שרעקליך מוז דער יעניגער, פאַר וועמען זיי נעהמען נקמה, ליידען פאַר דעם בלוט און טויט פון זיין פאָלק, פון זיינע ברידער

און שוועסטער. ווען וועלען זיינע ליידען אַן ענד נעהמען? — עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער הערט די קרעכצען פון דעם, וואָס איז דאָ געפּייניגט געוואָרען, נישט פאַר די ענויים, וואָס ער האָט אַ מאָל דאָ געליטען, נור פאַר די ענויים וואָס ער ליידט ביז׳ן היינטיגען טאָג, פאַר די עוולות וואָס מען טהוט אין זיין נאָמען. און אַ גרויס רחמנות האָט איהם אַרומגענומען אויף דעם ליידענדען . . .

ער איז ווייטער געגאַנגען און איז אָנגעקומען אין דעם קליינעם געסיל וואָס פיהרט דורך די בעגרעבנים-קירכע. שטיל איז געווען ארום און טויט, ווי מען וואָלט געהערט דאָ דעם צער פון דער וועלט-נשמה, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם קבר דאָ. יעדעס ווינקעל דאָ האָט געעטעמט מיט טויט און שרעק פאַר דעם גרויסען ערנסט, וואָס ליגט דאָ אויפבעוואהרט, פאַר דעם כח פון דעם וואָס האָט געפיהרט די וועלט, און נאָך מעהר, פאַר דעם כח פון די וואָס האָבען זיך געשטעלט געגען דער וועלט און אויסגעהאַלטען די קאָנקורענץ פון פייער און שווערד ביז׳ן היינטיגען טאָג . . . דאָס אָרט דאָ האָט איהם דערמאהנט אין דער שטאַרקייט פון זיין פאָלק, און שטאָלץ איז ער געוואָרען איבער דער גרויסער פערגאַנגענהייט, איבער די געשיכטע פון די ריעזען, פון זיין פאָלק . . .

אָנגעקומען איז ער אין די אַלטע שטאָדט אַריין. בעלעגערט און איינגענומען איז געווען דאָס ווינקעל פון דער וועלט, די מוטער וואָס האָט געטראָגען אין איהר שויס די לעהרער פון דער וועלט איבער אַלע דורות — דורך ווילדע, שמוציגע אַראַבער, וועלכע האָבען יעצט געהאַרט פאַר זייערע הייזער, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגען אַ געשטאַנק פון געבראָטען שעפּסען-פלייש. ביי דער שיין פון זייערע אייל-לעמפּעלעך האָבען זיי זיך אויסגעזעצט פאַר די טהירען, קאַווע געטרונקען, הויך געשריען, געהאַנדעלט, געבעטען צו אַללאַ, און די קעפּ און בערד זיך געגאָלען.

ער איז אַנטלאָפען פון זיי און איז אַריין אין דעם אידישען קוואַרטאַל, וואָס איז געלעגען אויף יענער זייט מויער, ביי דעם בוכאַרער קוואַרטאַל.

פון די פענסטער האָבען זיך שוין געוויזען אָנגעצונדענע ליכטלעך. פון טייל שטיבען האָט זיך געהערט זינגען, דעם שבת מקבל זיין. באַלד האָבען זיך איבער די גאַסען געוויזען אָבגעוואַשענע אידען, אין זיידענע קאַפּאָטעס אָנגעטאָן. בוכאַרער אין זייערע קאָלירטע כאַלאַטען, ספרדים אין בלאָה-פערבינדעטע קעפּ זיינען אהיים געגאַנגען פון דעם כותל-מערבי, פון דאַווענען. פאַר די טהירען האָבען זיי אָבגעוואַרט די אָבגעוואַשענע ווייבער און פון די אָפענע פענסטער האָט זיך אַרויסגעריסען דער געשמאַק פון פיש.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז היינט פרייטאג אבענד, און דער היימישער געשמאַק האָט איהם אַ גרוס אָבגעגעבען פון דער היים, און ער האָט זיך דערפרעהט, וואָס ער געפינט זיך צווישען דעם היימישען עולם. עס האָט איהם געפרעהט, וואָס ער געהט אהיים צו זיין ווייב. ער האָט געוואָלט האָבען איצט אַ הויז. אַ היים, און געבענקט נאָך קינדער, און אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען אַ תכלית. די טונקעלע נאַכט האָט אין איהם געוועקט דאָס געפיהל צו ווערען איינגעזעציג, צו זוכען זיך אַ היים, אומצוקעהרען אין פאָלק אריין. און געטראַכט האָט ער וועגען דעם, אַז ער דאַרף נעהמען זיין ווייב און ווי אם שנעלסטען אוועק פון דאַנען, אוועק צווישען אידען און זיך נעהמען צו אַרבייט, צו אַ תכלית. עס איז די העכסטע צייט.

ראַחעל האָט געוואָהנט ביי זיינעם אַ פריינד, אַ יונגען קינסטלער, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין ירושלים, געוואָלט שעפּען אידישע פאָרמען פון אידישען מקור.

ער איז אריין אין שטוב מיט אַ געוויסע שאהם, מיט אַן איינגעהאַלטענער איינגעשפּאַרטער פרייד און בענקשאַפט נאָך זיין געליעבטער. ער האָט זי ניט געטראָפען אין דער היים. דער פריינד האָט געשמייכעלט: ראַחעל איז געגאַנגען צו אַ שכן, אַ בעקאַנטען חסיד, הערען קידוש. זי איז פרום — שמייכעלט דער פריינד — און זי געהט הערען יעדען שבת קידוש.

ער איז איהר אַרויס אַקעגען. ער האָט זי געטראָפען געהענדיג צוריק. אין דער טונקעלער נאַכט האָט זיך געוויסט איהר העל קלייד און די שמאָלינקע פיגור, וואָס איז געווען געגליכען צו אַ יונגע פּאַלמע. זי האָט איהם נישט דערקענט, איז עפּיס געווען פערקלעהרט, ביז ער איז נאָהנט צוגעקומען צו איהר און זי גערופען מיט׳ן נאָמען. זי האָט גרויס די אויגען געעפענט און די פרייד האָט זיך געהערט אין איהר שטים:

— ווען ביסט דו געקומען?

— נור אָט וואָס, אין שבת אריין. איך האָב פערגעסען, עס איז היינט פרייטאג — פערענטפערט ער זיך — קום אין שטוב אריין.

און זי פיהרט איהם אין שטיבעל אריין. אויפ׳ן טישעל, בעדעקט מיט אַ ווייס טישטוך, ברענען זיך צוויי ליכטלאך אין לייכטערלעך. זי ווערט רויט, וויל זיך פערענטפערן:

— אַ שעהנער מנהג. ביי דער שכנת׳טע געלערנט.

מישא האָט זי פערשטאַנען, געזעהען איהר גאַנצע נשמה אין די ליכטלעך. ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט געהאַט אַ נייגונג צו פרומקייט, ווען זי איז נאָך געווען אין דערהיים,

און דאָ, אין ירושלים, ביי די פרומע אידען, האָט זיך די נייגונג ביי איהר געשטאַרקט. און אפשר יעצט, ביי איהר צושטאַנד, איז עס אַ טרייסט, וואָס זי זוכט זיך אין דער אַלטער אידישער פאָרמע. אין די צוויי ליכטלעך האָט ער געזעהן איהר גאַנץ בענקשאַפט נאָך רוה. איהר מיעדע נשמה פערלאַנגט רוה, אַן אָרט וואו דעם קאָפּ אהין צו טהון . . . און ער האָט אויף איהר גרויס רחמנות געקראָגען און געוואָלט איהר זאָגען אַ טרייסט־וואָרט. און זי, זעהט זיך אויס, האָט געוואַרט דערויף, נור ער האָט געשוויגען און פאַר גרויס אויפרעגונג די ברילען זיך געווישט. ער האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען:

— ראַחעל, איך האָב דיר עפּיס צו זאָגען . . . עפּיס צו זאָגען . . . אָבער זיי פרעהליך, ראַחעל . . . עס וועט גוט זיין, זעהר גוט זיין . . — און איהר דעם אַרבעל געגלעט.

— ביסט דאָך הונגעריג, — האָט איהם דאָס ווייבעל אָבגעענטפערט אויף די רייד.

ער האָט זיך ביי איהר אין שטיבעל דערפיהלט אין דערהיים, צום ערשטען מאָל אין דערהיים, און איהר שטים — „ביסט דאָך הונגעריג“ — האָט ביי איהם געקלונגען ווי אַ טיעפע, טיעפע מוטער־משפחה'דיגע שטים. ער האָט געשמייכעלט:

— יאָ, ראַחעל.

זי האָט איהם פון שכן, דעם קינסטלער דאָס נאַכט־עסען אריינגעבראַכט, וועלכעס ער האָט געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט און פערגעסען זי מיטצובעטען, נור עפּיס וועגען וואָס געקלעהרט, עסענדיג.

נאָכ'ן עסען האָט ער זי געבעטען, אַז זי זאָל מיט איהם אויף דער גאַס אַרויסגעהן. ער האָט איהר עפּיס צו זאָגען. זי האָט געוואָרפען אויף זיך אַ טיכעל און איז מיט איהם אין געסעל אַרויס.

די נאַכט איז געווען פעט און טונקעל און די גרויסע שטערען האָבען פון דעם הימעל אַראָבגעשיינט. פון די אָפענע פענסטער האָבען אין גאַנצען געסעל די שבת־ליכט אַרויסגעשיינט און דאָס גאַנצע געסעל איז געווען פערכאַפּט אין אַ גרויס זמירות־געזאַנג, וואָס האָט זיך פון אַלע פענסטער אַרויסגעריסען. דאָס גאַנצע געסעל איז געווען פערנומען שבת'דיג. פון אַ פענסטער האָט זיך דערהערט אַ אינגלישער קול, וואָס האָט זעהר שעהן און זיס געזונגען. פאַר דעם פענסטער זיינען געשטאַנען אַ קופּקעלע ווייבער און איינגעהערט זיך צום שהנעם קול. זיי האָבען זיך אויך אָבגעשטעלט און איינגעהערט זיך. דאָס זמירות־געזאַנג און דער שבת, וואָס איז געלעגען אויסגעשפּרייט איבער'ן געסעל, האָט איהם אַ גרוס אָבגעגעבען, אַ גרוס פון דעם גרויסען פאָלק, וואָס איז ערגיץ ווייט, ווייט פון דאַנען, און איהם האָט זיך פערבענקט נאָך דעם פאָלק.

— איך האָב בעשטימט, ראַחעל, אַז מיר זאָלען קיין אַמעריקע אַראָבפאָהרען — רופט זיך מישע פלוצלונג אָן.

— פאַר וואָס, מישע? — וואונדערט זיך ראַחעל.

— איך וויל זיין דאָרט, וואו דאָס גרויסע פאָלק איז — ענטפערט ער אָב.

— און דאָ, און דאָס לאַנד? — פרעגט ראַחעל אין דער שטיל.

— מיט דעם פאָלק איז די נשמה מיטגעגאַנגען, די שכינה. און וואו די אידישע נשמה האַלט זיך אויף, דאָרט איז אונזער פאַטערלאַנד, און דאָרט וועלען מיר אונזער רוה געפינען. — האָט ער אָבגעענטפערט.

זי האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען און זיי זיינען ביידע אין זייער שטיבעל אָבגעגאַנגען.

מישא האָט דערפיהלט, אַז די גרויסע וואונד אין איהר הארץ הויבט זיך אָן צו היילען . . .

מישא האָט נאָך שבת צוזאַמענגעקליבען זיינע זאַכען. פון דעם געלד, וואָס ראַחעל האָט איבעריג געהאַט, איז זיי קוים איבערגעבליבען אויף הוצאות קיין אַמעריקע. צום פאַטער האָט ער ניט געוואָלט שרייבען וועגען קיין געלד מעהר. ער האָט ביי זיך געהאַט אָבגעמאַכט צו לעבען שוין אויף זיין אייגענעם חסד.

געבליבען איז זיי די פעריל, וואָס מישא'ס מוטער האָט אויסגעטהון פון זיך און אָנגעהאָנגען אויף ראַחעל'ן ביים אַוועקפאָהרען. עס איז זיי ניט לייכט אָנגעקומען די פעריל אין ירושלים צו פערזעצען. זיי האָבען פערקויפט אַלעס, וואָס איז זיי געבליבען פון דעם אויסשטייער, וואָס מישא'ס מוטער האָט זיי אָנגעקויפט אין בערלין. און פון דעם אַלעם איז זיי געבליבען קוים אויף הוצאות דריטער קלאַס און צו ווייזען דאָס נויטיגע געלד ביים אַמעריקאַנער האַפען.

קיין סך בעקאַנטע און פריינד האָבען זיי נישט געהאַט אין ירושלים. אין די קאָלאָניע געהן זיך געזעגענען מיט זיינע אַמאָליגע חברים; וואָס זיינען דאָך איבערגעבליבען ביי דער ערד, האָט זיך מישא געשעמט. ער האָט דאָך ביי זיך אויסגעזעהן ווי ער אנטלויפט פון שלאַכטפעלד — האָבען זיי זיך אַרויסגע'גנב'עט פון הייליגען לאַנד. בעפאָר אָבער ער האָט פערלאָזט ירושלים איז ער אַרויף אויפ'ן הר־הזיתים אָבגעזעגענען זיך מיט'ן לאַנד, וואָס האָט געטראָגען זיינע האָפנונגען און זיין בענקשאַפט און וועלכעס ער פערלאָזט יעצט אויף אימער.

ער האָט נאָך אַ מאָל געוואָרפען אַ בליק איבער דעם ברייטען, לאַנגען לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אויף צעהנדליגער מייי לען ווייט און ברייט. די לופט אין ארץ־ישראל איז קלאָהר און דורכזיכטיג, און די לאַנדשאַפט פון הר־הזיתים אַראָב ליגט ווי אויף דער האַנד אויסגעשפּרייט.

ער האָט דערזעהן דעם ירדן, וואָס ליגט אויף מײַלען ווייט, ווי ער שלענגעלט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון לאַנד. דאָס לאַנד איז וויסט אַרום. קיין גרינער וואַלד, קיין טײַך, קיין בעזייהטער טאָל פּערוואָרפּט זיך נישט אין דעם גראָהליך־רויטען לאַנדשאַפט. נור קאַלך־פעלדער, קאַלך־בערג, קאַלך־וועגען פּערשפּריי־טען זיך אויף מײַלען לאַנג. און דאָרט צווישען די שטיינער, אין דעם קאַלך־זאַמד ליגט בע־האַלטען די האָפנונג פון זיין פאָלק, פון אַזוי פיעל טויזענדער יאָהרען די האָפנונג און די בענקשאַפט . . . און די האָפנונג און בענק־שאַפט האָט איהם דאָ אַהער געבראַכט און זי טרייבט איהם פון דאַנען . . .

פלינק איז ער אַראָב פון באַרג, איינגענו־מען אין זיך דעם אָנבליק פון דעם לאַנדשאַפט און בעהאַלטען אין זיך אויף זיין גאַנצעס לע־בען. און עס איז איהם געווען ווי ער וואָלט זיך אָבגעזעגענט מיט אַ גרויס בית־הקברות, וואו עס ליגט נישט נור בעגראָבען אַלעס, וואָס גע־העהר צו איהם און קומט פון איהם, נור אַלעס, וואָס וועט אַרויסקומען פון איהם, און ער אַליין, וועלען אַ מאָל צווישען די קאַלך־שטיינער זיין אויפבעוואַהרט.

קאַפּיטעל 28.

„האָטעל וואַרשוי“.

אין צווישען־דעק האָבען זיי זיך איבער־געשיפּט צו אַ אייראָפּעאישען גרויסען האַפען, פון וואַנען עס געהען שיפען קיין אַמעריקע.

צו דעם האַפען זיינען זיי שוין אָנגעקומען ווי עכטע עמיגראַנטען און מען האָט זיי בע־האַנדעלט ווי אַלע זייעריגע, וועלכע דאָס גורל טראָגט אויף דער צווייטער זייט אַטלאַנטיק. מען האָט זיי מיט די איבריגע עמיגראַנטען איינגעשלאָסען אין די עמיגראַנטען־האָטעלען, אָבצוואַרטען אין האַפען אויף דער שיף.

דער עמיגראַנטען־האָטעל איז געווען אי־בערפילט מיט אויסוואַנדלער. עס איז געווען די צייט פון די אַגענטען. פון אַלע עקען רוס־לאַנד זיינען די אידען געלאָפען פון פּאָגראָמען. די שרעק פון טויט איז געלעגען אין זייערע אויי־גען, און איבער זייערע געזיכטער האָט שוין דער מלאך המות איבערגעווישט מיט זיינע פליגלען. דענערווירט ביז משוגעת האָבען זיי זיך געשראָקען פאַר יעדער אומגע־ריכטער בעוועגונג, פאַר יעדען בלאָז פון אַ ווינד, פאַר יעדער הויך געשריי. די מוטערס זיינען געזעסען מיט זייערע קינ־דער איינגעקאָרטשעט אין די ווינקלאך. תמיד געהאַלטען די קינדער ביי זיך אויף די קניען, מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל נישט קומען פון זיי זייערע שוואַלבען אַוועק רויבען. ביי נאַכט פלעגען זיי זיך אויפכאַפּען מיט האַרצ־רייסענדע געשרייען, איבערגעשראָקען פון די ווילדע חלומות, און אויסשטרעקען זייערע הענד, זוכענדיג זייערע קינדער וואָס זיינען געלעגען נעבען זיי.

די מענער האָבען זיך שוין בעסער געהאַל־טען. אין זיי האָט געלעבט אַן אונבעוואוסטער לעבענס־אינסטינקט, וואָס זיי האָבען געערבט פון די העלדען פון דער ביבעל. בעזעעלט מיט דער האָפנונג פון דער נייער היים, וועלכע זיי געהען זיך זוכען, האָבען זיי איבערגעטראָגען אַלע ענויים, דער לייכטער שמייכעל איז ניט אַראָב פון זייערע געזיכטער און זיי האָבען בערוהיגט זייערע ווייבער מיט זייערע קינדער מיט זייער רוהיג האַלטען.

דער שטראָם פון דער עמיגראַציע האָט גע־פלאָסען ווי אונאויפהערליכע טייכען. מען האָט נישט געוואוסט פון וואַנען עס נעהמען זיך אַזוי פיעל אידען. און די וועלכע זיינען אומגעגאַנגען מיט זיי, געהאַט צו טהון מיט זיי טאָג־טעגליך — האָבען זיי אויפגעהערט צו בעטראַכטען פאַר מענשען, פאַר לעבעדיגע וועזענס, וועלכע האָ־בען אַ ווילען און נערווען, און זיי בעהאַנדעלט ווי טויטע סחורה, וואָס מען פּעקעלט איבער פון איין לאַנד אין צווייטען. און די עמיגראַנ־טען, אָנגעשראָקען, פּערוועהטיגט, האָבען זיך איינגעקאָרטשעט, מיט אונטערטעניגקייט, מיט שקלאַפישע דערשראָקענהייט ערפילט אַלעס וואָס מען האָט זיי געהייסען און פּערציטערט אויסגע־הערט די געשרייען.

זיי זיינען שוין געוועהנט געווען דערצו און זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז זיי האָבען נישט מעהר זייער אייגענעם לעבען, נור זיי זיינען פּער־קויפטע שקלאַפען, וואָס מען בעהאַנדעלט זיי, ווי טויטע סחורה.

מען האָט זיי דאָס באַלד צו וויסען געגעבען, ווי זיי זיינען נור אַריבער די דייטשע גרעניץ, וואו מען האָט זיי מיט געוואַלד אין די דעזינ־פעקציאָנס־הייזער אַריינגענומען, געפּאַרעט זיי און אין קאַראַנטין פּערהאַלטען אייניגע טעג. דאָרט האָבען זיי געמוזט שיפס־קאַרטען קויפען, געלד וועקסלען לויט'ן פּרייז, וואָס מען האָט זיי אויפגעוואָרפען, און עסען פאַר זייער געלד דאָס, וואָס מען האָט זיי געגעבען. די ליכטיגע שיין האָבען זיי ניט געזעהן דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זיי זיינען אין וועג. ווי מען האָט זיי אין תפיסה גענומען ביי דער גרעניץ, אַזוי האָט מען זיי געהאַלטען פּערשלאָסען ביז צום שיף.

עקספּעדירט האָט מען זיי ווי פיה, מיט די ווייבער און קינדער אין פּערשלאָסענע וואַגאָ־נעס, וועלכע האָבען זיך טעג און נעכט געשלעפּט איבער די גרויסע שטעדט פון דייטשלאַנד. אויף יעדער סטאַנציע האָבען זיי דערזעהן פאַר זיך דאָס שטרענגע געזיכט פון דייטשען זשאַנדאַרם, וועלכער איז געשטאַנען און געהיט די טהירען פון זייערע וואַגאָנעס, אַז זיי זאָלען נישט אַרויס־געהן אויף די גרויסע סטאַנציעס.

ווי אַרעסטאַנטען האָבען זיי דורך די פענסטער אַרויסגעקוקט מיט קנאה אויף די פרייע מענשען, וואָס בעוועגען זיך אויף די סטאַנציעס. און אפילו די וואָס זיינען געקומען צו דער סטאַנציע זיך מיט זיי בעשעפטיגען, די אנגעשטעלטע פון די אידישע חברות, האָבען זיי אויך ניט בעסער בעהאַנדעלט ווי אַרעסטאַנטען, וועלכע מען פיהרט איבער פון איין טורמע אין דער צווייטער. ווייל גלייכגילטיג איז דאָס מענשען־האַרץ געוואָרען צו זיי. אַזוי פיעל זיינען זיי געוועזען און אזוי געוועהנליך און אָפט זיינען זייערע צרות געוועזען.

און זיי האָבען שוין נישט קיין תרעומות געהאַט, נישט בעדויערט און נישט געוועהרט זיך. זיי האָבען ביי זיך געוואוסט, אַז זיי זיינען צו עפּים פעראורטיילט, פעראורטיילט אויף לעבענלענגליכער פערפאָלגונג ; אַז עס איז אַ המשך פון די פּאָגראָמען פאַר עבירות, עבירות וואָס זייערע עלטערענס עלטערן זיינען בעגאַנגען.

דאָ אין דער האַפען־שטאָדט האָט מען זיי אַריינגעפיהרט אין דעם האָטעל „וואַרשוי“. „האָטעל וואַרשוי“ האָט עס געהייסען, אָבער אין אמת׳ען איז דאָס געוועזען אַ רויטע הויכע מויער ווי אַ טורמע, מיט אַ הויכער דיקער וואַנד אַרומגערינגעלט, וועלכע איז געוועזען פערשלאָסען מיט אַ אייזערנע טהיר. און זיי האָבען זיך נור געמעגט אויפהאַלטען אין די וואַנד פון דער טורמע „האָטעל וואַרשוי“ אָדער אין זיין הויף. די שטאָדט־פערוואַלטונג האָט ניט ערלויבט, אַז די עמיגראַנטען זאָלען זיך ווייזען אין דער שטאָדט — האָט מען זיי געהאַלטען אין דעם „האָטעל“ פערשלאָסען און זיי האָבען געמוזט קויפען פאַר זייער געלד דאָס וואָס מען האָט זיי אָנגעבאָטען. און בעצאָהלט דאָס צווייפאַכיגע, געגנייט זיי איבערצוטוישען ווידער זייער רוסישעס געלד, כאָטש זיי האָבען עס שוין געהאַט געמוזט אויסטוישען ביי דער גרעניץ. עס האָט אָבער נישט געהאָלפען דערפאַר, וואָס די הויז־בעזיצער האָבען גע׳טענה׳ט, אַז די רוסען האָבען אַ סך געלד און זיי בעהאַלטען זייער געלד אין דעם בעטגעוואַנד איינגענעהט. די מענשען, וועלכע האָבען געקויפט די קאָנצעסיע אויף אַ עמיגראַנטען־האָטעל פון דער שיף־געזעלשאַפט, האָבען געהאַלטען די עמיגראַנטען פאַר זייער אייגענטהום, מיט וועלכען זיי מעגען טהון דורך דער צייט וואָס זיי וואוינען אין האָטעל אַלעס וואָס זיי ווילען. דורך דעם טאַקע האָבען זיי זיך בערעכטיגט אַזוי צו בעהאַנדלען די עמיגראַנטען און פערוואונדערט זיך וואָס זיי בייזערן זיך דעריבער. און כאָטש די מענשען פון האָטעל זיינען אַליין געוועזען גאַליציאַנער אידען, דאָך האָבען זיי די צרות פון די אויסוואַנדערנדע ברידער, וועלכע טהיילען דעם גורל פון זייער פאָלק, גאָרנישט געריהרט. זיי זיינען שוין געוועזען צוגעוועהנט צו די צרות, מיט וועלכע זיי זיינען אומגעגאַנגען טאָג־טעגליך. און, איבריגענס, זיינען די עמיגראַנטען געוועזען זייער פרנסה. פאַר דעם האָבען זיי בעצאָהלט און געקריגען די קאָנצעסיע און געזעהן פון דער פרנסה אַרויסצוקריגען וואָס מעהר פּראָפיט.

אין דעם גיהינום איז עס מישא מיט ראַחעל׳ן אַריין. און דערזעהענדיג זיך צווישען הונדערטער און טויזענדער זייערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען צונויפגעקוועטשט געוואָרען אין די גרויסע קאַזאַרמעס פון דעם האָטעל „וואַרשוי“, די מענער בעזונדער און די ווייבער בעזונדער, — אַלע זיינען זיי געוועזען אַנטלאָפענע פון די פּאָגראָמען, און אלע האָבען זיי געטראָגען דעמזעלבען גורל וואָס זיי און געלאָפען זוכען אַ היים — האָבען זיי זיך באַלד געפונען מיט זיי פערברודערט און האָבען זיך געהאַלטען צווישען זיי ווי אייגענע.

אין אַ גרויסער שטוב אויף דער ערד צווישען געפּעק זיינען געלעגען די מוטערס מיט די קינדער — ביי טאָג האָט מען די מענער צוגעלאָזט צו זיי — איז יעדע משפּחה געלעגען בעזונדער ארום איהר געפּעק. און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי די אַרויסגעטריבענע, וואָס האַלטען זיך אויף, מיעדע, ביי די ברעגען פון בבל.

צווישען זיי האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ גאַליציאַנער אידעל מיט צושראָקענע פאות, אָהן אַ ראָק און אין אַ קאַפּעל, און געשריען מיט אַ קוויטשענדיג קול : „שאַ, שטיל זאָל זיין ! שאַ, שטיל זאָל זיין !“ כאָטש ער מיט זיין קוויטשענדיג קול׳כעל האָט געזומזעט אין שטוב ווי הונדערט ביהנען. ער איז צו צו אַ משפּחה און גע׳טענה׳ט אַז זיי האָבען נאָך נישט זייער געלד אויסגעטוישט און זיי זאָלען ביי איהם דאָס געלד וועקסלען.

דער איד האָט זיך ביי איהם געבעטען, אַז ער דאַרף נישט קיין געלד וועקסלען, און דאָס וואָס ער האָט בעדאַרפט, האָט ער שוין געוועקסעלט ביי דער גרעניץ.

— אַז איהר וועט נישט אייער געלד וועקסלען, וועט מען אייך צוריקשיקען מיט אייערע בעבעכעס, — האָט זיך צובייזערט דאָס גאַליציאַנער אידעל און געשראָקען מיט דער האַנד. און אויסגעזעהן האָט ער ווי אַ מלמד אַ גזלן, וואָס וועט באַלד נעהמען דעם קאַנטשיק אין האַנט אַריין און אָנשלאָגען די בחורים יונגען זיינע.

דער אָרימער עמיגראַנט האָט זיך דערשראָקען און געבעטען זיך ביי איהם, אַז ער האָט נישט קיין געלד.

— ס׳אַ ליגען ! ליטוואַקעס, איהר האָט יאָ געלד, דאָס וואָס איהר דאַרפט ווייזען אין אַמעריקע. אַז ניט, וועט מען אייך ניט לאָזען פאָהרען.

— פאַר אַמעריקע האָב איך רוסיש געלד, — בעט זיך דער איד.

— אהאַ, זעהט איהר, אַז איהר זאָגט אַ ליגען, גוט אַזוי אויף אייך, ליטוואַקעס, וואָס מען יאָגט אייך, — צושרייט זיך דער גאַליציאַנער, — דער דייטשער מלך־חסד ירום הודו לאָזט אייך אַדורך דורך זיין גרעניץ, און איהר ווילט נישט טוישען זיין געלד. קען מען אייך גוטס טהון? איז נישט רעכט אַלעס וואָס מען טהוט אייך? — קרעכצט דער גאַליציאַנער.

— וואָס ווילט איהר פון דעם איד? — פרעגט מישא — ער בעצאָהלט אייך דען נישט פאַר דעם וואָס ער עסט און וואוינט דאָ? וואָס ווילט איהר האָבען, ער דאַרף ניט קיין געלד וועקסלען.

— אהאַ, די בונטאָווניקעס. די בונטאָווניקעס וועלען מיר צוריקשיקען, — סטראַשעט דער גאַליציאַנער אויף מישא'ן מיט'ן פינגער — בונטאָווניקעס דאַרפען מיר נישט אין אַמעריקע, — זאָגט ער, גלייך ווי אַמעריקע וואָלט זיינע געווען — בונטאָווניקעס געבען מיר צוריק אַרויס דעם רוסישען קיסר ירום הודו. האָט איהר פערשטאַנען? . . . זיטצען שאַ שטיל, אַז נישט איז אַ זשאַנדאַרם, פערשטאַנען?

דאָס וואָרט זשאַנדאַרם האָט ווי אַ קול פון מלאך־המות אָבגעקלונגען אין האָטעל „וואַרשוי“. אַלע האָבען זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען צו שרייען אויף דעם אָרימען עמיגראַנט, אַז ער זאָל טוישען זיין געלד.

דער איד האָט אַרויסגעטרענט פון דער קאַפּאָטע זיינער פופציג רובעל, וואָס ער האָט געהאַט איינגענעהט צו ווייזען אין אַמעריקאַנער האַפען, פאַר וועלכע ער האָט פון דעם גאַליציאַנער איד געקריגען הונדערט מאַרק.

— נעהט אייך צוריק איין אין ראָק, — זאָגט דער גאַליציאַנער — ווען איהר וועט קומען אין אַמעריקע, זאָלט איהר דאָס ווייזען, וועט מען אייך אַריינלאָזען, וואָרום מיט דייטשע געלד לאָזט מען יאָ אַריין, און מיט רוסיש געלד — נישט. עס איז נישט גילטיג. פערשטעהט איהר, יונגערמאַן, — ווענדעט ער זיך צו מישא'ן — מיר מיינען די אידענס טובה. מיר טהוען די אידען אַ געפעליגקייט, און איהר קומט זיך דאָ בונטעווען.

דערנאָך, אַז דער גאַליציאַנער איד האָט ביי זיי שוין געהאַט אויסגעטוישט דאָס געלד, האָט ער זיי גענומען איינהאַנדלען סחורה: טיכער אויפ'ן וועג, עסענוואַרג, צעטלען, „אָהן וועלכע מען לאָזט נישט אַריין“, שיפסקאַרטען, כאָטש זיי האָבען שוין געהאַט פון דערהיים אויס.

אין דער שטיל, אָנגעשראָקענע, האָבען די עמיגראַנטען איבערגעטראָגען די צרות פון האָטעל וואַרשוי, וואו די לופט איז געווען שטיקענד, דאָס בעטגעוואַנד ברודיג און וואו מען האָט זיי צוזאַמענגעשטיקט צו צוואַנציג פאַמיליען אין אַ שטוב. זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס דער גאָלדענער שליעסעל פון דער נייער היים, אַמעריקע, איז אין זיין האַנד — פאַר דעם גאַליציאַנער אידעל מיט די געקרייזעלטע פאות.

מישא און ראחעל האָבען זיך געפונען צווישען זייעריגע. ראַחעל האָט גרויס רחמנות געהאַט אויף די קינדער, די קינדער וועלכע זיינען געוואָרען פערגוואַלדיגט אין פּאָגראָם ווי זי. דאָס זיינען געווען איהרע איינגערע שוועסטער. צושראָקענע און מורא האָבענדיג פאַר יעדען פרעמדען מענש האָבען זיי זיך אויך געשראָקען פאַר איהר, אָבער באַלד האָבען זיי דערפיהלט דאָס וואַרימקייט און די ליעבע, וואָס פליסט פון איהר צו זיי. די קינדער האָבען זיך בעהאָפטען אין איהר, ווי צו אַ עלטערע שוועסטער, און זי האָט זיי אין דער פריה אַלע צוזאַמענגענומען, וואָס האָבען זיך געפונען אין דעם געפענגעניס פון האָטעל וואַרשוי, אַרויסגעפיהרט זיי אויפ'ן הויף, געוואַשען זיי ביים ברונען און געשפיעלט זיך מיט זיי אין דער זונען־שיין, וואָס איז אויך דאָ צו די אונגליקליכסטע פון די אונגליקליכע אהער געדרונגען דורך די הויכע רויטע מויערען און האָט בעגאָסען מיט ליכט און וואַרימקייט די אָרימסטע פון די אָרימע — די קליינע אידישע עמיגראַנטען־קינדער, וואָס זיינען אנטלאָפען פון פּאָגראָם און געהען אין דער וועלט זוכען זיך אַ היים.

מיט פרייד האָט מישא צוגעקוקט, ווי ראַחעל האָט זיך געפונען איהר גליק צווישען די קליינע קינדער, אַז זייער גורל איז אויך איהר גורל און זי פיהלט זיך אַ שוועסטער פון זיי. ער האָט געזעהן, ווי ראַחעל, אַרומגערינגעלט מיט אַ מענגע קליינע קינדער, נעהמט אָן ביי די הענד און לויפט מיט זיי אין הויף אַרום, און פון דאָרט, פון די קליינע, ערשראָקענע קינדער דערהערט זיך אַ פרייד, אַ לאַכען, וואָס האָט אַזוי פרעמד אָבגעקלונגען אין דעם שרעקליכען האָטעל וואַרשוי, ווי טענער פון מוזיק אין אַ טורמע־הויז. און מישא'ן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קליינע קינדער־לאַכען היילט ראַחעלס קראַנקע נשמה און זי ווערט געזונטער וואָס אַ טאָג זי איז מעהר מיט די קינדער.

(פאָרטזעצונג קומט)

דר. נ. סירקין

מאַרקס, לאַסאַל, ענגעלס און דער וועלט־קריעג

2.

דאָס גרויס־קאַפּיטאַליסטישע ענגלאַנד, אין וועלכען די קלאַסען־געגענזעצען האָבען דער־גרייכט די העכסטע שטופע, און וועלכעס האָט שוין אין די נאַפּאָלעאָנישע קריעגען צושטערט די רעוואָלוציאָן פון אכטצעהנטען יאָהרהונדערט, דאָס מעכטיגע בורזשואזע ענגלאַנד, איז דער נאַטירליכער שונא פון דער נייער סאָציאַלער געזעלשאַפט. יעדע סאָציאַלע איבערקערענעש אין פראַנקרייך געפינט איהר ווידערשטאַנד אין דער ענגלישער בורזשואזיע. ענגלאַנד בע־הערשט דעם וועלטמאַרק, דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון אַלע פעלקער, און די בורזשואזיע בעהערשט ענגלאַנד. אַ סאָציאַלע איבערקערע־נעש אין וועלכען עס איז לאַנד, בשעת ענג־לאַנד בלייבט אין דער אַלטער אָרדנונג, איז ווי אַ שטורם אין׳ אַ גלאָז וואַסער. דאָס אַלטע ענגלאַנד קען אָבער נאָר געשטירצט ווערען דורך אַ וועלט־קריעג, וועלכער וועט זיך אָב־שפּיעלען אומעדום, אין אפריקא, פּרייסען, עסטרייך, קאַנאַדא, אינדיען, איטאַליען. דיע־זער וועלט־קריעג וועט פיהרען צו דעם שטורץ פון דער ענגלישער בורזשואזיע און דעם איבער־גאַנג פון דער מלוכה־מאַכט אין די הענד פון די ענגלישע אַרבייטער, פון דער רעוואָלוציאָנערער טשאַרטיסטען־פּאַרטיי. די אויפגאַבע פאַר דאָס יאָהר 1849, האָט מאַרקס געשריעבען ערב דאָס נייע יאָהר פון 1849, איז דער אויפשטאַנד פון די פראַנצויזישע אַרבייטער, דער וועלט־קריעג, אין וועלכען ענגלאַנד וועט אריינ־געצויגען ווערען און בעזיעגט ווערען, און דיעזער וועלט־קריעג וועט אָבשאַפען דאָס הינדערנים פאַר דער נייער סאָציאַלער געזעלשאַפט — די וועלט־מאַכט פון דער ענגלישער בורזשואזיע.

מאַרקס האָט איבערגעשעצט די רעוואָלו־ציאָנערע כחות פון דעם פראַנצויזישען פּראָלע־טאַריאַט פון 1848. די בורזשואזיע האָט גע־זיעגט איבער די אויפשטעהענדע אַרבייטער ניט צייטווייליג, נור טאַקע אויף יאָהרענלאַנג. באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ צייט פון אינדוסטריעלער פּראָספּעריטי, און די בורזשואזיע האָט גע־עפענט די נייע עפּאָכע פון איהר הערשאַפט אין אייראָפּא. דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַ־ריאַט איז געבליעבען ניעדערגעדריקט אין זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע קעמפפען. די ענגלישע טשאַרטיסטען־בעוועגונג איז גלייך נאָך דעם יאָהר 1848 פערשוואונדען פון דער רעוואָלוציאָ־נערער אויבערפלעכע. אין פראַנקרייך האָט נאַ־פּאָלעאָן דער דריטער אָראָבגעווישט די רעפּוב־ליק און אויף איהרע חורבות אויפגעבויט זיין פערברעכערישע מאָנאַרכיע. אין דייטשלאַנד האָט ווייטער טריאומפירט אויף דער גאַנצער ליניע די פּרייסישע רעאַקציאָן. די פּראָוויזאָנג־גען פון מאַרקס זיינען נאָך אין יענער צייט ניט מקוים געוואָרען.

אין דער רעאַקציאָנערער צייט פון די פופציגער יאָהרען געפינען זיך מאַרקס און ענ־געלס אַלס עמיגראַנטען אין לאָנדאָן, און מאַרקס הויבט אָן צו בויען דעם גראַנדיעזען בנין פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. אַזוי ווי לאָנ־דאָן איז דער מיטעלפונקט פון דער וועלט־פּאָ־ליטיק, און ביי דער ענגלישער רעגיערונג גיעהען זיך צונויף די פעדים און אינטריגען פון אַלע אייראָפּעאישע און אויסער־אייראָפּעאישע מלוכות, אַזוי זיינען מאַרקס און ענגעלס אין לאָנדאָן דער מיטעלפונקט פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער רעוואָלוציאָן. זיי שעצען אָב קריטיש און רעוואָלוציאָנער אַלע געשעהעניען פון דער צייט, און אונטער זייער גייסטיגער אויפזיכט און פיהרונג הויבט אָן צו אָרגאַניזירען זיך די אַרבייטער־בעוועגונג פון דער גאַנצער וועלט. מאַרקס נעהמט ווידער שטעלונג צו די גרויסע וועלט־געשעהעניסען, וואו דער קריעג שטעהט אין מיטעלפונקט.

אין יאָהר 1853 קומט פאַר אין דער אייראָ־פּעאישער פּאָליטיק אַ קריזיס דורך דעם קרים־קריעג, דעם קריעג צווישען רוסלאַנד און דער טערקיי, וועלכער האַלט אָן דריי יאָהר. זייט דעם שלום פון קוטשוק־קאַינאַרדזשי (1774), דורך וועלכען רוסלאַנד האָט זיך שטאַרק אריינ־געריסען אין דאָס טערקישע לאַנד, איז עס געווען דער פּערטער רוסיש־טערקישער קריעג. ווידער האָט רוסלאַנד געמאַכט דעם פּערזוך צו פאַרנעה־מען קאָנסטאַנטינאָפּעל, ווארום „ווער עס וועט בעזיצען קאָנסטאַנטינאָפּעל, וועט בעהערשען די וועלט", איז אַ אַלטער געדאַנק פון דער רוסי־שער פּאָליטיק. דיעזער קרים־קריעג ווערט דאָ־מאָלס אַ קליינער וועלט־קריעג, עס בעטייליגען זיך אין איהם פראַנקרייך און ענגלאַנד און סאַרדיניען, כאָטש ביי יענע מלוכות איז דער קריעג אַ ווייטער קריעג, כמעט אַ קאָלאָניאַלער. אין דער צייט פון דעם קרים־קריעג טרעט ארויס מאַרקס מיט זיין גאַנצען פּובליציסטישען טאַ־לאַנט און בעגריסט דעם קריעג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך געגען רוסלאַנד. אין זיין נאָך זיין טויט שוין ארויסגעגעבענער שריפט: „די אָריענ־טאַלישע פראַגע", אונטערזוכט מאַרקס דאָס

אַלטע אָריענטאַלישע פּראָבלעם און בעלויכטעט די פאַרשיידענע אייראָפּעאישע אינטערעסען, וועלכע זיינען פאַראייניגט אַרום דעם בעזיץ פון קאָנסטאַנטינאָפּעל. ניט די מאַהאַמעדאַנישע, אונקריסטליכע טערקיי דאַרף זיין דער שונא פון די אייראָפּעאישע מלוכות, נאָר דאָס קריסטליכע פרומע רוסלאַנד, וועלכעס טרעט אויף אין אָריענט אַלס די בעפרייערין פון די אונטערדריקטע סלאַווישע פעלקער פון טערקישען יאָך. מאַרקס איז אין דער אָריענטאַלישער פראַגע פאַר דער טערקיי און געגען רוסלאַנד. געגען רוסלאַנד איז אויך געווען דער מאָטאָ פון מאַרקס בעת דער רעוואָלוציאָן פון 1848, ווארום דער צאַריזם איז דער שוץ פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציאָן. מען דאַרף לעזען מאַרקס' שריפט: „דאָס לעבען פון לאָרד פּאַלמערסטאָן", וועלכעס איז אויך ערשיענען נאָך מאַרקס טויט, כדי צו פאַרשטעהן, ווי זיין גאַנצע נשמה איז געווען דורכגעדרונגען מיט ביטערען האָס געגען דעם רוסישען צאַריזם, דעם אָנהויב און דעם סוף פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציאָן. מיט בייסענדע ווערטער און גלענצענדער סאַטירע מאַכט ער לעכערליך די פּאָליטישע קאַריערע פון לאָרד פּאַלמערסטאָן, דעם רוסען־פריינדליכען שטאַאַטסמאַן פון דעם ענגלישען קאַבינעט.

דער בליק פון מאַרקס אויף די אָריענטאַלישע פראַגע און אויף דעם געגענזאַץ צווישען רוסלאַנד און דער טערקיי האָט זיך דערהאַלטען אויף צעהנדליגע יאָהרען אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַפילו נאָכדעם ווי די לאַגע אין דער טערקיי און אייראָפּאַ האָט זיך שוין בעדייטענד געענדערט. אין דעם רוסיש־טערקישען קריעג פון 1878, ווען רוסלאַנד האָט זיך אויפגעהויבען געגען די טערקיי אין נאָמען פון די אונטערדריקטע סלאַווישע פעלקער, באָסניען, הערצאָגאָווינא, סערביען, בולגאַריען, און ווען דורך גאַנץ אייראָפּאַ איז געגאַנגען אַ פּראָטעסט־שטורם געגען די טערקישע רציחות, האָט זיך די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געשטעלט אויף דער זייט פון טערקיי געגען רוסלאַנד. פון יענער צייט שטאַמט ליעבקנעכטס בעריהמטע בראָשורע: זאָל דייטשלאַנד קאָזאַקיש ווערען? ביז אין די ניינציגער יאָהרען האָט זיך דערהאַלטען דער פריינדליכער בליק פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף טערקיי. ערשט קאַוטסקי האָט נאָך אַמאָל רעווידירט דעם טערקיש־פריינדליכען און רוסען־פיינדליכען שטאַנדפּונקט פון קאַרל מאַרקס אין דער אָריענטאַלישער פראַגע און אויפגעוויעזען אויף געוויסע ענדערונגען אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק, פערגליכען מיט דער צייט פון דעם קרים־קריעג.

אין יאָהר 1859 האָבען די דריי שעפּפער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, מאַרקס, לאַסאַל און ענגעלס געהאַט די געלעגענהייט אויפצוקלערען די אינטערנאַציאָנאַלע פּערוויקלונגען פון שטאַנדפּונקט פון דעמאָקראַטיע און פּראָלעטאַריאַט און וויעדער געהמען אַ שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון קריעג און וועלט־קריעג. ביים ענדע פון די פופציגער יאָהרען האָט זיך וויעדער אָנגעהויבען אַ רעוואָלוציאָנערע אונרוהיגקייט צווישען דעם אַרבייטער־קלאַס אין איטאַליען און פראַנקרייך. אין איטאַליען האָט אָנגעהויבען וואַקסען דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער געפיהל געגען דער עסטרייכישער אונטערדריקונג, אין פראַנקרייך איז דער אַרבייטער־קלאַס און נאָך איהם אויך די בורזשואזיע געוואָרען וויעדער אונרוהיג געגען נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וועלכער האָט אויף אַזאַ שענדליכען אופן פאַרכאַפּט פראַנקרייך'ס טראָן. לואי באָנאַפּאַרט האָט זיך געזוכט צו העלפען אויף דעמזעלבען אופן, אויף וועלכען עס העלפען זיך אַלע דעספּאָטען, ווען זייער טראָן שאָקעלט זיך. ער האָט אָנגעהויבען אַן אויסוועהרטיגען קריעג. ער האָט אָבער געמוזט אָנהויבען אַ פּאָפּולערען קריעג, וועלכער זאָל אָבציעהען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און זאָל אויפהויבען דעם פּרעסטיזש פון קאַיזערטום. באָנאַפּאַרט האָט זיך פאַראייניגט מיט דער סאַוואָאישער דינאַסטיע אין איטאַליען, כדי צו ברעכען די עסטרייכישע געוואַלט־הערשאַפט און בעשאַפען אַ פרייעס איינִיגעס איטאַליען. עסטרייך האָט אָנגעהויבען אַ פּראָפּאַגאַנדאַ, אַז דער דאַמאַלסדיגער דייטשער בונד זאָל זיך פאַרבינדען מיט עסטרייך געגען דעם בונד פון פראַנקרייך־איטאַליען. די עפענטליכע מיינונג אין דייטשלאַנד איז וויעדער געשטאַנען פאַר'ן פּראָבלעם פון קריעג און פאַר דער מעגליכקייט פון וועלט־קריעג.

די פיהרער פון דעם דייטשען סאָציאַליזם, מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל האָבען גלענצענד אויפגעקלערט די שטעלונג פון דער דעמאָקראַטיע און דעם פּראָלעטאַריאַט בנוגע צו דעם איטאַליענישען קריעג. די רעאַקציאָנערע און בורזשואזע עפענטליכע מיינונג אין דייטשלאַנג איז געווען פאַר עסטרייך, פאַר די גאַנצקייט פון דיעזער אוננאַטירליכער מלוכה, געגען איטאַליען, און זי האָט געהאַט נאָך אַ טרומפּף אין האַנד, דאָס נאַפּאָלעאָן איז געווען דער אָנפיהרער פון דעם איטאַליענישען בעפרייאונגס־קריעג. אַפריהער איז אַרויסגעטראָטען ענגעלס מיט זיין שריפט: פּאָ און ריין. אין דיעזער שריפט ווענדעט זיך ענגעלס צו דעם דייטשען פאָלק, דאָס עס זאָל העלפען איטאַליען אָראָבוואַרפען די פרעמדע הערשאַפט, וועלכע איז „אין ציוויליזירטע לענדער אונערהערט". ניט פרעמדע לענדער זוכען און אַנדערע נאַציאָנען אונטערדריקען דאַרף דאָס דייטשע פאָלק, נור ביי זיך זעלבסט זיין שטאַרק און איינִיג — דאָס איז די עצה פון ענגעלס צו דייטשלאַנד, כאָטש אויפ'ן ערשטען בליק וועט דאָך פון איטאַליענס איינִיגקייט אַרויסקומען די אָבשוואַכונג פון דעם דייטשען עסטרייך און די פערשטאַרקונג פון דעם נאָכבאַר־פאָלק פראַנק־

רייך. אין דעמזעלביגען זין האָט אויך מאַרקס געשריבען וועגען דעם איטאַליענישען קריעג אין דער ניו־יאָרק טריביון, וואו ער האָט אין יענע יאָהרען מיטגעאַרבייט.

די גלענצענדסטע בעלייכטונג פון דעם פּראָבלעם, אָבער אויך גאַנץ אין גייסט פון מאַרקס און ענגעלס האָט געגעבען לאַסאַל אין זיין בעריהמט געוואָרענער שריפט: דער איטאַליענישער קריעג. מיט זיין פייערדיגער רעדנער־קראַפט פערטיידיגט ער דעם געדאַנק, דאָס יעדע דעמאָקראַטיע מוז בעשיצען די פרייע נאַציאָנאַליטעט. „דאָס פּרינציפּ פון די נאַציאָנאַליטעטען וואָרצעלט אין דעם רעכט פון פאָלקסגייסט אויף זיין אייגענער געשיכטליכער, קולטורעלער ענטוויקלונג און זעלבסטפערווירקליכונג“, דאָס איז דער גרונד־געדאַנק פון לאַסאַל אויף דאָס רעכט פון די נאַציאָנען צו זעלבסטשטענדיגקייט. (דער איטאַליענישער קריעג, בערלין 1859, זייטע 8). אָבער ניט אַלע פעלקער האָבען אַ רעכט אויף נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט, ערקלערט ווייטער לאַסאַל, כמעט אין דעם גייסט פון מאַרקס פון דער צייט פון 1848. פאַראַן פעלקער, וועלכע קענען זיך ניט אויפהויבען פון זיך אַליין צו אַ היסטאָרישען לעבען, פאַראַן אנדערע פעלקער, וועלכע זיינען געבליעבען אָבגעשטאַנען אין דער געשיכטע און קענען זיך ניט אויפריכטען, פאַראַן ענדליך אַזעלכע פעלקער, וועלכע זיינען פון גרעסערע, קולטורעל־מעכטיגערע פעלקער אסימילירט געוואָרען. פראַנקרייך האָט דערפאַר געהאַט אַ רעכט צו עראָבערן אַלזשיער, די אַנגלאָזאַקסען — אַמעריקאַ, די דייטשען — די זידסלאַווען, ענגלאַנד — אינדיען. לאַסאַל שטעהט דאָ אויף דעמזעלביגען שטאַנדפּונקט, ווי מאַרקס, וועלכער האָט עס געפונען פאַר פּראָגרעסיוו, ווען אַמעריקאַ האָט אָבגענומען גרויסע פּראָווינצען ביי מעקסיקאַ (קאַרל מאַרקס, דעמאָקראַטישער פּאַנסלאַוויזם). אָבער איטאַליען איז אַ גרויסעס היסטאָרישעס קולטור־פאָלק און טאָר ניט אונטערדריקט ווערען, וועניגער פאַר אַלץ פון עסטרייך, וועלכעס האָט אַ גאַנץ קליינע ציוויליזאַטאָרישע ווירקונג. דייטשלאַנד דאַרף העלפען איטאַליען און דאַרף זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען פון די דייטשע רעאַקציאָנערען אין אַ קריעג געגען פראַנקרייך צוליעב עסטרייך. דער גוטער שלום צווישען די ביידע גרויסע קולטור־פעלקער, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, איז דער פּונקט פון וועלכען עס הענגט אָב די פּאָליטישע פרייהייט, די ציוויליזאַציאָן, די קולטור, די דעמאָקראַטישע ענטוויקלונג. פון דיעזען פּונקט הענגט ניט נאָר אָב דאָס שיקזאַל פון איין נאַציאָן, נאָר די צוקונפט פון גאַנץ אייראָפּאַ, פון דער גאַנצער קולטור. אויב דיעזע ביידע פעלקער וועלען זיך וואַרפען אַלס שונאים איינס אויף'ן אנדערען, וועט אפשר אויף דריי יאָהרצעהנטען געשטערט ווערען יעדער קולטור־פאָרטשריט, עס וועט זיך אָנהויבען אַ צייט פון פינסטערער און פערברעכערישער קאַבינעט־פּאָליטיק, און אויף די פאָהן פון די פעלקער וועט אויפגעשריעבען ווערען באַרבאַריי און געגענזייטיגע עראָבערונג, אנשטאַט אינוועניגער ענטוויקלונג. דאָס וועט זיין דער גרעסטער נצחון פון דעם רעאַקציאָנערען פּרינציפּ נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1848. מיט דיעזע גלענצענדע ווערטער רעדט לאַסאַל געגען די רעאַקציאָנערע בעשטרעבונגען אין דייטשלאַנד אָנצוהויבען אַ קריעג געגען פראַנקרייך. ערשט נאָך דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה, וועלכע איז אויסגעבראָכען אַ יאָהרצעהנט שפּעטער נאָך דיעזע וואָרנונגען פון לאַסאַל, און וואָס עד היום ליעגט אייראָפּאַ אונטער דעם פורכטבאַרען שלאַג פון יענעם קריעג, קען מען פערשטעהען דיא גאַנצע טיעפקייט און ווייטזיכטיגקייט פון לאַסאַלס נבואה און וואָרנונג אין דער צייט פון דעם איטאַליענישען קריעג.

דער באַהאַלטענער שרעק פון לאַסאַל, מאַרקס און ענגעלס, דאָס די צייט איז ניט גאָר ווייט, ווען דייטשלאַנד וועט פיהרען קריעג געגען פראַנקרייך, און דאָס פון דיעזען קריעג וועט די דעמאָקראַטישע בעוועגונג אין אייראָפּאַ בעקומען אַ געפעהרליכע וואונדע. דיעזער שרעק איז גאָר אין אַ קורצער צייט מקוים געוואָרען. אין יאָהר 1870 איז אויסגעבראָכען דער קריעג צווישען דייטשלאַנד און פראַנקרייך. עס האָבען ביידע מלוכות געזוכט און געטריעבען צום קריעג. לואי נאַפּאָלעאָן, אונטער וועלכען דער טראָהן האָט זיך שטאַרק געוואַקעלט, האָט אין דעם אויסווערטיגען קריעג נאָך אַמאָל געזוכט אַ מיטעל, ווי אָבצושוואַכען די אינווענדיגע אָפּאָזיציאָן. דער געוואַלט־מענש ביסמאַרק האָט ריכטיג דערפיהלט פראַנקרייכ'ס שוואַכקייט און די מעגליכקייט דורך אַ טויטקלאַפּ געגען פראַנקרייך אויף דערשלאָגען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין די זעכציגער יאָהרען אין דייטשלאַנד און אין גאַנץ אייראָפּאַ. אויף די שלאַכטפעלדער פון דעם דייטש־פראַנצויזישען גרענעצין זאָלען געשלאָגען ווערען די דייטשע אַרבייטער־בעוועגונג פון לאַסאַל און דער אינטערנאַציאָנאַל פון מאַרקס. דעם ערשטען אויגוסט 1870 איז נאָך די פערשיעדענע קאַבינעט־אינטריגען און שווינדלערייען פּראָקלאַמירט געוואָרען דער קריעג געגען פראַנקרייך. דעם 4טען סעפּטעמבער איז איינגענומען געוואָרען די גרויסע פראַנצויזישע אַרמעע ביי סעדאַן, דעם 20טען סעפּטעמבער האָט ביסמאַרק בעלאַגערט פּאַריז. אין פּאַריז איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די רעפּובליק, און דאָס פאָלק האָט איבערגענומען דעם שוין פון פּאַריז אין זיינע הענד געגען די אינטריגען און דעם פערראַט פון דער רעאַקציאָנערער רעגיערונג — און די גענעראַלען. דעם 28טען יאַנואַר 1871 האָט דאָס אויסגעהונגערטע פּאַריז זיך אונטערגעגעבען. די פאָרטס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען דעם עראָבערער,

אָבער די נאַציאָנאַלגאַרדע פון פּאַריז האָט ניט אָבגעגעבען די וואַפען, און די פּרייסען האָבען ניט געהאַט קיין רעכט אַריינצוקומען אין פּאַריז זעלבסט. דעם 18טען מערץ 1871 איז אויסגעבראָכען אין פּאַריז די קאָמונע. אַ שרעק איז אַרויפגעפאלען אויף דער בורזשואַזיע און די רעגיערונגען פון דער גאַנצער וועלט. „די פּאַריזער קאמונע מאַכט מיר ווידער שלאָפלאָזע נעכט", האָט זיך געקלאַגט ביסמאַרק. און באמת האָט די רעאַקציאָן געמוזט ציטערן, ווארום „די פאָהן פון דער קאמונע איז די פאָהן פון דער וועלט־רעפּובליק", אַזוי האָבען אויסגערופען די קאמוניסטען. די פראַנצויזישע רעגיערונג און בורזשואַזיע האָט שלום געמאַכט מיט ביסמאַרק, האָט אָנגעהויבען צו באָמבאַרדירען פּאַריז און האָט אין מאַי מנצח געווען די פּראָלעטאַרישע קאָמונע פון פּאַריז. ווי אין די צייטען פון בירגער־קריעג פון די רוימישע קיסרים, האָבען די אַרבייטער בעצאַהלט מיט טייכען בלוט פאַר זייער אויפשטאַנד. הונדערטער טויזענדער זיינען פערניכטעט געוואָרען, דער גענעראַל גאַליפע האָט חרוב געמאַכט דאָס פּראָלעטאַרישע פּאַריז. ביז צום היינטיגען טאָג שטעהט נאָך די „מויער" אויף דעם בית עולם פון פּער לאַשעז אין פּאַריז, אַלס אַ בלוטיגע מצבה און עדות פון דער העלדישקייט פון פּראָלעטאַריאַט און דער נקמה פון דער בורזשואַזיע.

מאַרקס און ענגעלס זיינען אין יענער צייט געווען אפשר די איינציגע, וועלכע האָבען פערשטאַנען אָבצושעצען די פורכטבארסטע געשעהענישען ביז צו זייערע היסטאָרישע קאָנסעקווענצען.

דער פּלאַץ ליידער ערלויבט אונז ניט אָפּצושטעלען זיך אויף דעם, ווי מאַרקס און ענגעלס האָבען זיך פערהאַלטען צו דער קאָמונע. מיר וועלען דארום בעשפּרעכען נור זייער האַלטונג צו דעם קריעג. אויך בעבעל און ליבקנעכט האָבען ניט געשטימט אין רייכסטאַג פאַר דעם קרעדיט צוליעב דער מלחמה, און האָבען שפּעטער פּראָטעסטירט געגען די אנשליעסונג פון עלזאַס־לאָטרינגען אָן דייטשלאַנד. דאָך, באַלד האָט זיך דערהערט די דונערשטימע פון מאַרקס אין אינטערנאַציאָנאַל. אין די צוויי אַדרעסען, וועלכע מאַרקס האָט אַרויסגעלאָזען צו די מיטגליעדער פון אינטערנאַציאָנאַל אין אייראָפּא און אמעריקא אין יאָהר 1870, דעקט אויף מאַרקס דעם כאַראַקטער פון דעם קריעג און ווייזט אָן אויף זיינע פאָלגען פאַר דער גאַנצער דעמאָקראַטיע און פאַר דער קולטור. מאַרקס פּראָטעסטירט אין ערשטען אדרעס אין נאָמען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל געגען דעם קריעג בכלל און ווייזט אָן אויף די האַלטונג פון די בעוואוסטזיניגע פראַנצויזישע און דייטשע אַרבייטער, וועלכע האָבען פערדאמט דעם קריעג, אַלס אַ דינאַסטישען רעגיערונגס־קריעג. אין דעם צווייטען אדרעס, נאָך דער ניעדערלאַגע פון פראַנקרייך ביי סעדאַן, זעהט שוין מאַרקס די גאַנצע רעאַקציאָנערע ענטוויקלונג און די מעגליכקייט פון א וועלט־קריעג אַלס רעזולטאַט פון דעם נצחון פון דייטשלאַנד איבער פראַנקרייך. דער קריעג האָט זיך לכתחילה נאָך אָנגעהויבען כלומרשט אַלס א פערטיידיגונגס־קריעג פון דייטשלאַנד געגען נאַפּאָלעאָן. אָבער נאָך די ערשטע נצחונות פון דייטשלאַנד האָט זיך דער דייטשער פערטיידיגונגס־קריעג פערוואַנדעלט אין אַן ערּאָבערונגס־קריעג. דער קיסר ווילהעלם דער ערשטער, וועלכער האָט לכתחילה פערשפּראָכען, דאָס פון פראַנקרייך'ס טעריטאָריע וועט גאָרנישט ניט אָבגענומען ווערען, האָט חרטה געהאַט נאָך דעם זיעג און האָט זיך געפונען אין אַ פערלעגענהייט מיט זיין גאַנצער גאָטעספורכטיגקייט. וועגען דעם קיסר ווילהעלם מאַכט ענגעלס אין א בריעף צו מאַרקס פון יענער צייט דעם בעריהמטען וויץ, דאָס ער האָט זיך געפונען אין דער לאַגע פון אַ שול־קינד, וועלכען דער לעהרער פרעגט, ווער האָט די וועלט בעשאַפען ? דער דערשראָקענער אינגעל ענטפערט : איך, הערר לעהרער, האָב דאָס געטהאָן, אָבער איך וועל דאָס שוין מעהר ניט טהאָן.

פראַנקרייך איז געלעגען אַ פערבלוטיגטע אונטער דייטשלאַנדס פיס. מאַרקס זעהט מיט זיין פּראָפעטישען אויג די גאַנצע צוקונפט פון אייראָפּא, וועלכע מוז זיך ענטוויקלען אַלס פאָלגע פון דיעזען קריעג. מאַרקס ווייזט אויף, דאָס דער נצחון פון דייטשלאַנד וועט געבען ווידער דעם צאַר די הערשאַפט איבער אייראָפּא און איהם אַלץ מעהר צווינגען צו קעמפּפען פאַר דיעזע הערשאַפט ביז צום סוף. און אַזוי ווי מיט אַ גייסט פון נבואה זאָגט מאַרקס די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע פאַסען אַזוי גוט פאַר'ן היינטיגען קריזיס. „מיינט איהר, דאָס ווען וואולקאַנישען סאָציאַלע קרעפטען סטראַשען אין רוסלאַנד גופא, צו צושטערען די זעלבסטהערשאַפט, קען זיך דעמאַלט דער צאַר ערלויבען די אָבשוואַכונג פון זיין שטעלונג אין אויסלאַנד ?" די וויטערדיגע געשיכטע פון רוסלאַנד האָט בעוויעזען, ווי מאַרקס האָט ריכטיג געזעהען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד און אויסווערטיגער מלחמה, צו וועלכער דער רוסישער צאַריזם מוז דרינגען. אָבער נאָך מערקווירדיגער זיינען די וויטערע ווערטער פון מאַרקס : „ווען דאָס גליק פון די וואַפען, דער שטאָלץ פון ערפאָלג און די דינאַסטישע אינטריגען וועלען פיהרען דייטשלאַנד צו אַ רויב פון פראַנצויזישען לאַנד, בלייבען פאַר דייטשלאַנד צוויי וועגען אָפען. אָדער עס וועט ווערן דער טרייער דיענער פון דער רוסישער פערגרעסערונג, אָדער עס וועט זיך נאָך אַ קורצער רוהע מוזען פאָרבערייטען צו אַ נייעם „פערטיידיגונגס"־קריעג, אָבער שוין

ניט צו א לאָקאַליזירטען קריעג, נאָר צו א ראַסען־קריעג געגען די פעראייניגטע ראַסען פון די סלאַווען און ראָמאַנען". (קאַרל מאַרקס, דער בירגער־קריעג אין פראַנקרייך, זייטע 24). די נבואה איז פאָלשטענדיג מקוים געוואָרען. נאָך דעם קריעג און דער אונטערוואַרפונג פון פראַנקרייך האָט דייטשלאַנד לכתחילה געוואָלט זיך פעראייניגען מיט רוסלאַנד און געבען דעם צאַר די הויפט־שטימע אין די אייראָפּעאישע פראַגען. דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון ביסמאַרק, וועלכער איז שטענדיג גענייגט געווען צו א בונד מיט רוסלאַנד. אָבער די סלאַווישע אינטערעסען זיינען להיפך צו די גערמאַנישע אינטערעסען אין אייראָפּא, און רוסלאַנד האָט זיך פערבונדען מיט פראַנקרייך. דייטשלאַנד און רוסלאַנד האָבען זייט יענעם אונגליקליכען קריעג טריאומפירט אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. דער מיליטאַריזם האָט דערשטיקט דעם סאָציאַלען פּאָרטשריט און די רעוואָלוציאָן. דארום האָט זיך דייטשלאַנד אין פערלויף פון 43 יאָהר געמוזט פאַרבערייטען צו דעם פערוויסטענדען ראַסען־קריעג געגען די פערבונדענע סלאַווען און ראָמאַנען. צוואַנציג יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1891, ווען ענגעלס האָט נאָך אַמאָל אַרויסגעגעבען „דעם בירגער־קריעג אין פראַנקרייך" פון מאַרקס, שטרייכט ער נאָך אַמאָל אונטער יענע בעריהמטע שטעלע ביי מאַרקס, וועלכע כאַראַקטעריזירט אין איינִיגע זעצען די גאַנצע אייראָפּעאישע ענטוויקלונג פון יאָהרצעהנטען.

און איצט נאָך 43 יאָהר שטעהט די גאַנצע מענשהייט א פערוואונדערטע און דערשראָקענע און איז אונטער דעם שטורם פון וועלט־קריעג אַן עדות פון דער פערווירקליכונג פון יענער מערקווירדיגער נבואה פון מאַרקס. דער לעהרער פון פּראָלעטאַריאַט האָט פאָראויסגעזאָגט, דאָס דורך דעם זיעג פון דייטשלאַנד וועט מוזען קומען דער וועלט־קריעג, דער קריעג פון די דייטשען געגען די פעראייניגטע סלאַווישע און ראָמאַנישע ראַסע. און עס רייסט זיך דאַביי פון יעדען האַרץ אַרויס די וויטערע פראַגע: ווען וועט מקוים ווערען די וויטערע נבואה פון מאַרקס?

מ. י. שעליובסקי

ימים נוראים

(ישראל דער קרעטשמער און לייבע דער שוסטער)

פון מיין קליין שטעטעלע געדיינק איך צוויי אידען; ישראל דעם קרעטשמער און לייבע דעם שוסטער. און ווי די צייט הייבט זיך אָן דערנעהנטערען צו אסיען; די טעג היילען זיך צו א ביסעל און רוקען זיך אויף־גיך אריין דורך דער טונקעלקייט אין דער פייכטער נאַכט, ווי זיי וואָלטען זיך פון אימיצען בעהאַלטען — דערמאָן איך זיך אָן זייביידען אין א שטילער בענקענדער טרויער הייבט מיך אָן לאנגזאם נאַגען אין האַרצען.

— — — — — וואו איך זאָל ניט זיין: צווישען בעקאַנטע; אַליין ביי מיר אין צימער, ווען די טונקעלקייט וועבט אַלץ איין אין זיך מיט איהרע דינע פעדים און איבער דעם וואקסט די פורכט פון אמאָליגע אלול טעג, וועלכע האָט זיך געוויגט איבער די קעפּ פון מיין זיידען און טאַטען — שוועבען פאַר מיר אַרום זייערע שרעקעדיגע אויגען, אויסגעשטאַרטע אין דער לופטען; עס הערען זיך ווערטער, ווי שטיקלעך אַרויסגעריסענע נשמות וואָלטען זיך פאַר מיר געטראָגען, דערצעהלען פון א וועלט, וואָס איז אַזוי נאָהענט און טהייער, און ווערט פּלוצלונג ווייט און פרעמד, ווען איך פערקלער זיך וועגען איהר . . . . . .

— — — אָדער זאָל איך זיצען אין גאַרטען, ווען די בוימער שרעקען זיך פאַר דער פינסטערער נאַכט, וועלכע זייגט אויס מיט איהרע אויסגעדאַרטע ליפּען זייער כח און מיט איהרע ליידענשאַפטליכע קושען רייסט זי אראָב די לעצטע בלעטער, — פלעכטען זיי זיך איינע אין די אנדערע מיט זייערע צווייגען און שאָקלען זיך, בעטענדיג רחמים, מען זאָל זיי ניט לאָזען קיין היילע.

און ווי שטיינער אין א טיעפען תהום, אַזוי פאַלט זייער תפילה אין דער פינסטערער נאַכט אריין.

— שווימט פאַר מיר יעמאָלט אַרויס, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער די בוימער, א פערמאַטערטער פון קלייבען די פערוועלקטע

בלעטער, ישראל דער קרעטשמער, — א בלאסער הויכער איד, דער פנים איינגעצויגען און אויס־געדארט, דער נאז א לאנגער און הויכער, די אויגען טיעף אונטערן שטערן, זיינע לאנגע פאות'ן זיינען צונויפגעפלאכטען מיט זיין שי־טערער גרויער בערדעל, — וועלכער קומט, כמעט איין מאל פאר א גאנץ יאהר, צו אונז זאגען סליחות.

אליין וואהנט ער אין דארף; זיינע קינ־דער זיינען צופאהרען. נאך זיין גרויסער אב־געלאזענער שטוב צעהלט ער זיינע יאהרען. ווען עס איז אוועקגעלייגט געווארען איהר ערשטער שטיין, איז ער געבוירען געווארען. און מיט איהר אלטקייט, דאס, וואס די ווענטלעך הייבען זיך אן אברוקען פון זייערע ערטער, בייגען זיך איין אביסעל, מעסט ער זיין כח, צעהלט זיינע לעצטע יאהרען. און מיט יעדער שפארונע, וואס עס ווערט אין וואנד, ווערט אלץ ברייטער דער וועג פאר זיין בליק אהין, אהין . . . . און שווערער די טעג צו זיין אין דארף. און דער ווילען צו ענדיגען זיינע לעצטע יאהר אין דעם לאנד פון די אבות — דאס, וואס איז ביי איהם א חלום פון לאנג אן — ווערט אלץ שטארקער און שטארקער.

קאפיקע צו קאפיקע קלייבט ער, קארגט אב פון עסען, זשאלעוועט מאכען א קאפטען אפילו אויף יו"ט, ער זאל וואס פריהער קענען אוועק־פאהרען.

איך דערזעה צוזאמען מיט איהם דעם זיי־דענס שטוב, ביי ווענען דער מנין פלעגט זיין אין אן אסיענדיגען פארטאג, די צייט פון סליחות. עס בלאזט א פייכטער טרויעריגער ווינטעל; דורך'ן פענסטער גנב'עט זיך אריין דער בליאסק פון מארגען־שטערן. אלע זיצען אויף נידריגע בענקלעך, איבערגעקעהרטע שטו־לען, קאסטענס, אזוי פערטרויערט, די פנים'ער אזוי בעצויגען מיט שרעק, ווי יעדער פון זיי וואלט מיטגעקלאגט מיט דער גאנצער וועלט אויף איהר חורבן, וואס עס טהוט זיך אב פון איהר איהר שעהנקייט, איהר פרעהליכקייט, און די ליכטלעך האבען זיך אויף פערשעמט מיט זייער פייער און יעדערע האט איינגעצויגען אין זיך איהר פלאם; די קנייטלעך שמעלצען זיך, ווי זיי וואלטען זיך געשראקען פאר די שווארצע שאטענס, וועלכע האבען זיך איינגעפלאכטען איי־נע אין די אנדערע און דריקען אויסגעצייגענער־הייט די ווענט. דער עולם זאגט שטיל, דער קול איז פערשטיקט, ריכטיג ווי מיט בליי וואלט איהם די לופט ארומגעגאסען. יעדעס ווארט רייסט זיך ארויס מיט אזא שווערקייט, ווי ער וואלט געשלעפט נאך זיך א שווערע משא, אדער געוואלט עפעס דורכברעכען, בעהעפטען זיך מיט א צווייטען, און זיי הייבען זיך אויף אין דער הויך, בעטען זיך ביי דער סטעליע, מען זאל זיי לאזען ווייטער פליהען. און אז מען פערהאלט זיי דארטען, הייבען זיי זיך אן דרעהען, פעראומערטערהייד איבער'ן שטוב און בעטען זיך, מען זאל זיי צוריק איינשלינגען — ניט לאזען קיין עלענדע פערלאזענע ארומבלאנ־זשען איבער דער וועלט. זאגט אימיצער א פאר פסוקים ארויס העכער, ווי ער וואלט גע־וואלט די איבעריגע אויפמונטערן, לאזט ער באלד צוריק אראב זיין קול און א פערשעמטער פערטיעפט ער זיך נאך מעהרער אין די ווערטער, וואס שוועבען נאך ארום איבער'ן שטוב. זיין ענטשוויגען ווערען מאכט נאך גרעסער דעם פחד. און עס דוכט, אז יעדערער חזר'ט איבער אין די געדאנקען!

— קענען מיר עפעס טהון? . . . .

און זאגט ווייטער, נאך שטילער מיט א גרעסערע התמדה; אין אויער קלינגט איהם אלץ נאך, ווי אימיצער וואלט געווארענט:

— „שוואך, שוואך, בינסטו" . . . .

פלוצלונג שטעלט זיך אויף ישראל און הייבט אן זאגען פסוקים־ווייז:

— „אל תעזבנו לעת זקנה, ככלות כחינו אל תשליכנו!"

דער עולם זאגט לאנגזאם איבער זיין אב־געזאגטען פסוק אין איין קול, ווי איין שנור וואלט זיך פון זיי געצויגען.

און עס דוכט, אז זיי געהען איצטער אי־בער א שמאלער קלאדקע, וועלכע איז איבער־געווארפען איבער א גרויסען טיעפען וואסער און זיי אלע, מיט זייער ווייב און קינד, האבען זיך פערלאזען אויף ישראל'ן, ער זאל זיי דורכ־פיהרען. מיט אראבגעלאזענע קעפ שטעהען זיי און הערען אויס אונטערטעניג זיין יעדעס ווארט. ישראל זאגט ווייטער נאך לאנגזאמער. יעדעס ווארט רייסט זיך ארויס אליין, אבגע־זונדערט, ווי עס וואלט אן אבגעהאקטעס גע־ווען, דרעהט זיך אויס אין דער לופטען און טראגט זיך אוועק. און זיין קול איז אומעדיג, פערטרויערט און ווערט אלץ העכער, וואקסט זיך פארנאנדער טיעפער, ברייטער ווי א טייך, ווען ער פליסט אב פון זיין קוואל, שניידט דורך יעדערן, טהיילט איהם אב פון זיין גוף, דער־טרינקט איהם מיט דער שטוב אין זיך און פליסט אוועק ווייטער. ישראל קוקט גאר ניט אין ספר, זאגט אויף אויסוואייניג, רעדט אויס, וואס זיין צוזאוועהטאגט הארץ פיהלט; ער האט זיך אליין דערשראקען פאר זיין שוואכ־קייט, פאר זיינע גרויע האר, איינגעשרומפע־נעם פנים און בעט זיך ביי גאט, צוקוקענדיג מיט קנאה צו דער שטארקקייט פון דער ערד, אייביגקייט פון די הימלען: ווי גרויס זיי זיי־נען, ווי ברייט און לאנג זיי האבען פארנאנדער־געשפרייט זייערע ברעגען.

— שענקט מיר כאטש א ביסעלע פון זיי!

זעה, ווי שוואַך איך בין ;
ביז'ן סאַמען ברעג האָט מיך שוין די צייט צוגעשטופּט.
און ווי גרויס איז אין גאַנצען געווען מיין וועג ?
איין ריהר, און אָבגעמעקט ווער איך, ווי דער שטויב, ווען דער ווינט טהוט אַ בלאָז"...

זיין קול ווערט שוואַכער ; יעדעס וואָרט ציטערט, אָבגעהאַקט איז זיין קלאַנג, ווי עס וואָלט זיך אין האַלז געקייקעלט איבער פער־גליווערטע טרעהרען, ווי איבער שטיינער.

— דערבאַרים זיך, דו גנעדיגער גאָט !
און לאָז מיך ניט פאַלען ;
טו ווער, אויב ניט דו !
מיין כח געהט שוין אויס, אויסגעטריקענט איז דער קליאַק פון מיינע ביינער.
מיינע פיס וואַקלען זיך, די קנעכלעך גע־שטרויכעלט ;
דערלענגער אַ ביסעל מיין וועג !"

צאַפּעלט זיך פון שרעק זיין קול און גיסט זיך צונויף מיט'ן שטילען שאָקלען זיך פון די בוימער. און ער בעט צוזאַמען מיט זיי אין דער שטילער טונקעלקייט, וועלכע האָט אַלץ איינגעוועבט אין די פעדים פון איהר בענקען.

און די בוימער זאָגען איהם נאָך :

— ווי גרויס איז געווען אונזער וועג ? . . .
טהו נור אַ קוק, רבש"ע, דערבאַרימדיגער גאָט !" . . .

— — — — — — — — — — — —

און אַז די בוימער טהוען זיך אַ בייג, ווי זיי וואָלטען געוואָלט נידריגער אַראָבלאָזען זייערע שפּיצען, די געלע בלעטער זאָלען ניט דאַר־פען פאַלען פון אַזא הויך, ציהט זיך אויס צוזאַמען מיט זיי ישראל, ווי ער וואָלט גע־וואָלט אומקעהרען זיינע יאָהרען צוריק, איינ־זאַפּען אין זיך נייעם כח . . . .

— — — — — — — — — — — —

און פאַר מיר שטעהט שוין לייבע דער שוסטער, — ווי ער וואָלט זיך אַרויסגערוקט פון ישראל דעם קרעטשמער'ס אָרם—אַ נידריג אידעל מיט אַ פּאָר רונדע פּלייצעס, אַ קיילעכ־דיג שוואַרץ בערדעל ; זיינע קליינע שוואַרצע אויגעלעך זיינען שטענדיג פערדעקט מיט די לאַנגע ברעמען, ווי זיי וואָלטען זיך געשעמט פאַר אימיצען, אָדער מורא געהאַט בעוויזען זיך.

אַמאָל, דערצעהלט מען אין שטעדטעל, האָט ער זיך זעהר מאוס אויפגעפיהרט. און פון יעמאָלט אָן איז איהם געבליעבען דאָס צו־נעמענעש : „זיבאַילאַ" — דער נאָמען פון אַ גויה, מיט וועמען ער האָט עסקים געהאַט, כאָטש ער האָט שוין אַ ווייב מיט צוויי קינדער געהאַט. איך געדענק דאָס אָבער ניט. און די אַלע מעשות קענען זיך לאַנג ניט האַלטען אין מיין זכרון און איך פערגעס זיי באַלד.

איך זעה נאָר לייבע דעם שוסטער, ווי ער געהט איבער פון איין אָרט אויף'ן צווייטען ביי זיידען אין שטוב. פריהער שטעהט ער לעבען טהיר. דער טלית איבער'ן קאָפּ און דאַווענט אַזוי האַרציג ; שטיל רייסט ער פון זיך אַרויס שטיקלעך האַרץ, הערט זיך ניט צו צום חזן, ווי ער וואָלט זיינע אייגענע תפילות געהאַט, גאָר בעזונדערע, נאָר ער איז געקו־מען אהער אויסריידען זיך מיט אַלעמען צוזאַ־מען, צוליעב'ן זכות פון די איבעריגע אידען זאָל מען איהם אויך אויסהערען. דערנאָך בייט ער דעם אָרט, רוקט זיך אַלץ נעהנטער צום אויבען־אָן ; זיין פּנים ווערט לויטערער, די אויגען פרעהליכער, און ער דאַווענט שוין מונטערער, זיין קול איז העכער, גיסט זיך צו־נויף מיט די איבעריגע קולות . . .

און אָט זעה איך איהם יום כפור צו נעילה, זיין קול קלינגט פערמאַטערט :

— „פּתח לי שערי שמים, כי פנה יום !"

און זיין איינגעבויגענער קאָפּ, וועלכער איז אי־בערגעדעקט מיט'ן טלית, רוקט ער אַריין אין אָפענעם ארון קדש. די ספרי תורות שטעהען פעראומעדיגט, און שעפּטשען מאַכטלאָז :

— מיר קענען גאָר ניט העלפען, צו שטאַרק זיינען די ווענט אויף צוברעכען און צו פינסטער איז, מיר זאָלען קענען מאַכען ליכטיג !

און לייבע דער שוסטער בעט זיך מיט בי־טערע טרערען :

— גרויסער גאָט ! עפען דיינע הימלען, וואו די טויערען זיינען אַזוי ברייט, פאַר מיינע זינד, . זאָלען זיי אויך אַרויפנעהמען מיין תפילה ! . . . .

ער הערט אויף צו קוקען אין מחזור ; איהם ווילט זיך עפּעס זאָגען, וואָס דאָרטען גע־פינט זיך ניט :

— דער טאָג איז קורץ ! —

ציטערען זיינע ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ גרויסע צרה און דער איינציגער וואָס קען איהם ראַטעווען, פערלאָזט איהם.

— און מיין זינד איז אַזוי גרויס, אַזוי שווער ! . . . . .

— אָ, ווי שווער ! . . . .

קרעכצט ער, ווי זיין פערגאַנגענער לעבען וואָלט זיך אויפגעקייקעלט אין איין קנויל און האָט זיך איצטער אַוועקגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס און פאַר איהם וואַקסט אויס זיבאַילע; ער ברייננגט איהר די שיך . . . . זי טהוט אַ שמייכעל . . . . און פּלוצלונג רוקט זיך אונטער דער יצר הרע . . .

. — אָ, טאַטע פאָטער !

טהוט ער אַ שפּרונג פון אָרט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפען פון דער בילד און לאָזט אַרויס אַ גרויסען יאָמער :

— און ווען וועל איך נאָך אַמאָל קענען מיט דיר ריידען ? !

— ווען וועסטו מיך נאָך אַמאָל אויסהערען ? !

— און דער טאָג איז קורץ !“

שרייט ער אויס מיט מעהר שרעק, ווי אַ קינד, ווען דער טאַטע לאָזט איהם אַליין אין מיטען פעלד. דער הימעל איז אָבער כמעט אין גאַנצען פערגאָסען מיט וואָלקענס און שוואַרץ פערכמורעט קוקט ער אריין אין די פענסטער, ווי ער וואָלט אויף אַלעמען אין כעס געווען. די לעצטע שטראַהלען רוקען זיך אראָב פעראומעדיגט פון די שויבען ווי זיי וואָלטען זיך געבעטען ביי די מענשען :

— „מעהר קענען מיר ניט, געוואַרט, געוואַרט“ . . . .

נאָר איינער פון זיי האָט פערבלאָנזשעט און האָט זיך אַ ביסעל פערזאָמט, שפּרינגט ער איצטער איבער אַ צושראָקענער פון אַלמער אויף די סטענדערס, ביז וואנען ער האָט זיך פערדרוקט אונטער'ן טיש און איז אויף פערפאַלען געוואָרען. די וואָלקענס האָבען, ווי אויף להכעיס גיך איינגעשלאָסען די זון און פערדרוקט זי וויט, וויט אונטער די בערג.

אין שטוב איז טונקעלער ; אַלעמענס קעפּ בייגען זיך לאַנגזאַם און גלייכצייטיג, ווי זיי וואָלטען געהאַנגען אויף איין שטריקעל, און ליבע דער שוסטער חזר'ט נאָך אַלץ איבער :

— דער טאָג איז שוין אַוועק, און ביי וואָס בלייב איך !

הער איך נור זיין קול, אָבער איהם זעה איך שוין ניט. אַוועקגעטראָגען האָט ער זיך אין דער הויך מיט זיין צובראָכען האַרץ, צוריסען די וואָלקענס, פערהאַלטען די זון . . .

און עס דוכט, אַז די בוימער פון גאָרטען זיינען געוואָרען פרעהליכער ; אַ נייע בלאַסע האָפנונג האָט זיך אָנגעהויבען שפּיעלען מיט זיי. ליבע דער שוסטער בעט, זיינע תפילות ווערען אָנגענומען, גאָט וועט זיך דערבאַרימען, אויפעפענען די וואָלקענס און די זון וועט זיך איינפלעכטען מיט איהרע שטראַהלען אין זייערע צווייגען.

היימליכער ווערט מיר דאָס וויעגען זיך פון די בוימער, ווי זיי וואָלטען מיך בערוהיגט, שעפּטשענדיג :

— האָף, האָף . . . .

און אַ זיסער שלאָף הייבט מיך אָן בעוועלטיגען ; ווייכער ווערט מיר די באַנק, אויף וועלכער מיין קאָפּ איז אָנגעשפּאַרט, ווי דער ווינטעל וואָלט זיך אַוועקגעלייגט ביי מיר צוקאָפּענס און די בוימער וויגען מיך איין, זינגענדיג מיט זייערע צווייגען אַ שטילע, זיסע ליעד, ווי אַ מאַמע ביים וויגעלע פון איהר קינד.

— — — — — — — — — — — — —

מ. פּאַוולאָוויטש

די ערמאָרדונג פון זשאַן זשאָרעס

(פראַגמענטען פון אַ טאָגעבוך)

פרייטאג, 31 יולי.

1. זשאָרעס'עס לעצטער אַרטיקעל. זיין שוואַנען־ליעד.—פּאַריז אין מאָמענט פון זשאָרעס'עס ערמאָרדונג.

היינט האָבען די פּאַריזער מאָרגען־צייטונגען געדרוקט אַ טעלעגראַמע, אַז דער עסטרייכישער חיל איז אריין אין בעלגראַד. מען קען אפילו צווייפלען, צי די ידיעה איז אַ ריכטיגע; אַלענפאַלס, די לאַגע ווערט זעהר ערנסט.

„די לאַגע איז קריטיש“ — שרייבט די „מאַטען“. „די שאַנסען פון קריעג וועגען אריבער די שאַנסען פון פריעדען“ — שרייבען אַנדערע בורזשואַזע צייטונגען. בלויז די „הומאַניטע“, די סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען און „די אַלגעמיינע קאָנפעדעראַציע פון דער ארבייט“ פאָדערן אויף צו פערהאַלטען זיך רוהיג און ניט צו פערלירען די קעפּ. „די אויפהאַלטונג פון פריעדען איז נאָך מעגליך. די אַלגעמיינע לאַגע האָט זיך עטוואָס געענדערט צום גוטען“ — שרייבט די „הומאַניטע“.

איך לעז אויפמערקזאַם דעם מערקווירדיגען, מיט וואונדערבאַרע קראַפט געשריבענעם אַרטיקעל פון זשאָרעס'ען, אונטער'ן קעפּעל: „די נויטיגע קאַלטבלוטיגקייט“. אין דיזע קריטישע מאָמענטען זעהט זיך זשאָרעס אָפט צו עטליכע מאָל אַ טאָג מיט וויוויאַני און אַנדערע מיטגליעדער פון פראַנצויזישען מיניסטעריום; מען זאָגט, אַז פון איהם בעהאַלט מען אבסאָלוט קיין שום זאַך ניט, אַז צו זיין מיינונג הערט

מען זיך צו אין די רעגיערענדע קרייזען מיט גרויס רעספּעקט. איך לעז דארום מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט דעם אַרטיקעל. דער פיהרער פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט האָט איהם אפשר געשריעבען גלייך נאָך דעם, ווי ער האָט זיך בעקענט מיט וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטען, וועלכע וועלען ערשט קענען פערעפענטליכט ווערען מיט צעהנדליגע יאָהרען שפּעטער. „די לאַגע איז ווירקליך ערנסט“ — שרייבט זשאָרעס — „נור די מעגליכקייט צו בריינגען דעם סכסוך צו אַ פריעדליכען ענד איז נאָך ניט פערשוואונדען. עס איז דאָך אויבען אויף, ווען די דייטשע רעגיערונג וואָלט געהאַט אין זינען אונז צו אַטאַקירען, וואָלט זי שוין געהאַט אָנגעווענדט איהר בעריהמטען מיטעל פון א פּלוצלינגער אַטאַקע. פערקעהרט, זי האָט געלאָזט דורכגעהן עטליכע טעג און מיט דער ביסעל צייט האָבען זיך בענוצט פראַנקרייך און רוסלאַנד פאַר זייער טובה וועגען; רוסלאַנד האָט דורכגעפיהרט א טהיילווייזע מאָביליזאַציע, פראַנקרייך האָט אָנגענומען אַ ל ע פּאָרזיכטס־מיטלען, וואָס קענען פערזיכערן דעם פריעדען“.

„די הויפּט־געפאַהר פון מאָמענט — בעווייזט ווייטער זשאָרעס — איז ניט אין די ד י ר ע ק ט ע כוונות פון די דיפּלאָמאַטען און רעגיערונגען, מעגען זיי זיין ווי פערברעכעריש; זי איז אויך ניט אין דעם ד י ר ע ק ט ע ן ווילען פון די פעלקער — די ה ו י פּ ט־ג ע פ אַ ה ר פ ו ן מ אָ מ ע נ ט ק ו מ ט פ ו ן ד ע ם ב ע ז ו נ ד ע ר ן נ ע ר װ ע ז ע ן צ ו שׁ ט אַ נ ד, וואָס נעהמט אַרום אַלץ מעהר און מעהר די מאַסען. אַן אונרוהיגקייט וואַקסט אומעטום, וועלכע קען אויספּלאַצען אין א פּלוצלינגע מאַסען־בעוועגונג. די אונרוהיגקייט ווערט געבאָרען פון דעם שרעק, פון דער פּייגליכער אונגעוויסהייט יעדען מאָרגעדיגען טאָג, פון דער צו לאַנג דויערנדער געשפּאַנטקייט. די מאַסען קענען פערכאַפּט ווערען פון א בהלה און ווער ווייס אונז קאַווירען, אַז די רעגיערונגען וועלען בלייבען פעסט און ניט פערליערען די קעפּ? די רעגיערונגס־לייט פערברייגען זייער צייט (א מחיה׳דיגער צייט־פערטרייב!) מיט שרעקען און מיט טרייסטען איינע די אַנדערע. מען דאַרף זיך ניט נאַרען — אַזאַ צושטאַנד קען אָנהאַלטען וואָכען. די האָבען א טעות, וואָס גלויבען, אַז א דיפּלאָמאַטישער קריזיס קען און מוז זיך ענדיגען אין א פּאָאר טעג. פּונקט ווי די מאָדערנע שלאַכטען, וועלכע ציהען זיך אויף הונדערטער מיילען און געדויערן פון זיעבען ביז אַכט טעג, אַזוי אויך די דיפּלאָמאַטישע שלאַכטען, וואָס ריהרען אָן די אינטערעסען פון גאַנץ אייראָפּאַ און בריינגען אין בעוועגונג די מעכטיגע מאָדערנע מלוכה־אַפּאַראַטען, מוזען זיך אויך אונפערמיידליך פערציהען אויף גאַנצע וואָכען. אום צו קענען בייזשטעהן אַזאַ שווערען נסיון, מוז מען בעזיצען שטאָלענע נערווען אָדער בעסער א פעסטען, קלאָרען און רוהיגען פערשטאַנד. און מיר אַפּעלירען צו דעם פערשטאַנד פון די פעלקער, צו זייער געדאַנק און מיר פאָדערן אויף די פאָלקס־מאַסען זיי זאָלען זיך בעהערשען, זיי זאָלען ניט פערלירען זיך אין דער מהומה, ניט נאָכגעבען זיך אין אָנפאַל פון נערווען־שוואַכקייט און גוט אַכטונג געבען אויף די מענשען און אויף די געשעהנישען — דאָס וועט אָבהיטען די מענשהייט פון די גרוילען פון מלחמה.

„די געפאַהר איז גרויס, אָבער זי לאָזט זיך נאָך בעוועלטיגען — מען קען מאַכען, עס זאָל ווערען אויס געפאַהר, ווען מיר וועלען בלייבע ביי דער קלאָרקייט פון אונזער פערשטאַנד, ביי דער פעסטקייט פון אונזער ווילען, ווען מיר וועלען אַרויסווייזען א ריעזען־געדולד און ענטוויקלען א ריעזען־טהעטיגקייט. דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין פון אונזער פליכט וועט אונז געבען כוח די פליכט צו ערפילען.

„אַם נויטיגסטען איז איצט ניט צו אָבשטעלען זיך אין אונזער טהעטיגקייט, אונאויפהערליך וועקען דעם געדאַנק און דעם געוויסען פון די אַרבייטער־מאַסען. אָט וואו עס איז די אמת׳ע רעטונג, נור דאָס קען זיכער מאַכען אונזער צוקונפט“.

אַלזאָ, זשאָרעס פערליערט נאָך אַלץ ניט די האָפנונג, אַז דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט און בעזונדערס דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס, וועלכער דאַרף זיך צוזאַמענקלייבען אין עטליכע טעג אַרום, וועט רעטען די מענשהייט פון די שרעקען פון אַן אַלאייראָפּעאישער מלחמה. דער געשפּענסט פון מלחמה וועט אָבטרעטען פאַר דער סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער־מאַסען.

זעהר וויכטיג איז די קורצע בעמערקונג פון זשאָרעס׳ען, אַז פראַנקרייך האָט א דאַנק דעם, וואָס דייטשלאַנד האָט זיך ניט צוגעאיילט מיט אַן אַטאַקע, אָנגענומען אַ ל ע נויטיגע פּאָרזיכטס־מיטלען צו פערטיידיגען די גרענעצען. אין קיין אַנדער צייטונג האָב איך עס ניט געטראָפען. דאָס מיינט, אַז די רעגיערונג האָט בעוויזען צונויפצוציהען אַן אַרמעע אויף דער דייטשער און בעלגישער גרענעץ. מען קען שוין די פראַנצויזישע אַרמעע ניט איבעראַשען מיט אַן אונגעריכטען אָנפאַל. זי איז צוגעגרייט. און דאָס איז די גאַראַנטיע פאַר פריעדען.

איך לעז אַנדערע מאָרגען־צייטונגען. עס וואַקסט אין מיר אַן אונרוהיגקייט. איך קען ניט איינזיצען אין הויז, איך קען ניט אַרבייטען. איך וועל אַרויסגעהן אויף׳ן גאַס אום זיך צו בעקענען מיט דער שטימונג פון די מאַסען.

אויף די פּאַריזער גאַסען איז דער געדרענג גרעסער ווי אין די פּאָריגע טעג. מען דיסקו־

טירט די צייטונגס־נייעס און מען פרעגט זיך: ווי וועט רוסלאַנד זיך פערהאַלטען צו דעם, וואָס די עסטרייכישע אַרמעע האָט פערנומען בעלגראד? קיינעם ווילט זיך ניט גלויבען, אַז אַן אַלאייראָפּעאישע מלחמה איז מעגליך, אַז הונדערטער טויזענד פראַנצויזען וועלען פאַלען צוליעב דעם גלייכגעוויכט אויף די באַלקאַנען. איך געה, ווי יעדען פריהמאָרגען צום וואָקזאַל מאָנפּאַרנאַס, וואו עס קלייבען זיך שטענדיג צונויף רעדלאַך פון פאַריזער און אָנגעפאָהרענע פון דער פּראָווינץ. מען שפּאַרט זיך צונויף ביי די שויפענסטער פון די פיעלע ביינק — סאָסיעטע זשענעראַל, קרעדי ליאָנע א. ז. וו. און מען רעדט מיט אימפּעט. איך געה פון רעדעל צו רעדעל, אומעטום הער איך דאָסזעלבע: „אַן אַלאייראָפּעאישע מלחמה איז אונמעגליך, דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אַלגעמיינע משוגעת... ניין, ניין, א מלחמה איז אונמעגליך! — „דאָס וואָלט דאָך געווען אַזאַ מענשען־שחיטה, אַזאַ מאַטעריעלער חורבן, אַז אין 50 יאָהר צייט וואָלט מען צו זיך ניט געקענט קומען“.

דאָך, קענטיג, אַז אַפילו ביי די אָפּטימיסטען קלאַפּט דאָס האַרץ, מען פאָרשט די צוקונפטיגע געשעהניסען, מען פּרובירט טרעפען, ווי וועט זיין די שטעלונג פון ענגלאַנד. איינער מיינט, אַז ענגלאַנד וועט זיך האַלטען פון דער ווייטען און לאָזען אַנדערע שאַרען די קוילען פון פייער, א צווייטער, אַן אָנשטענדיג געקליידעטער הערר, מיט אַ בלימעל אין לאַץ, איז אַ מחותן מיט דעם אויסלענדישען מיניסטעריום— זיין פּלימעניק דיענט דאָרט. דערצעהלט ער, אַז ענגלאַנד וויל ניט געבען קיין בעשטימטע תשובה — „אודאי, וואָס דען, ענגלאַנד איז אַן אינזעל, און מיר אויפ'ן קאָנטינענט קענען זיך דאָ דעם קאָפּ צוברעכען — וואָס געהט עס ענגלאַנד אָן“. עס הערט זיך אַ שוואַכער פּראָטעסט געגען אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון ענגלאַנד. דאָך אַלע זיינען מסכים, אַז ענגלאַנד זאָל נור וועלען, וועט קיין מלחמה ניט זיין. זאָל ענגלאַנד ערקלערען, אַז זי שטעהט מיט פראַנקרייך, וועט ווילהעלם קיין העזה ניט האָבען...

דאָך, איך האָף, אַז אויך אָהן אַזאַ ערקלערונג פון ענגלאַנד וועט צו א מלחמה ניט קומען.

זעקס אַ זייגער אין אבענד איז דער „טאַן“ אַרויס מיט אַ נייעס, אַז דייטשלאַנד איז ערקלערט געוואָרען אין קריעגס־צושטאַנד. לויט דעם פּונקט 68 פון דער קאָנסטיטוציע, אויף דעם גרונד וואָס רוסלאַנד מאָביליזירט זיך, האָט דער קייזער אַרויסגעלאָזען דעם דעקרעט וועגען קריעגס־צושטאַנד. ווייטער געהט אַ מיטטהיילונג, און די צייטונג קאָווירט פאַר איהר ריכטיגקייט, אַז שוין פון 25טען דזשוליי האָט דייטשלאַנד גענומען צונויפציהען סאָלדאַטען צו די גרענעצען, פאַרשטאַרקען די גאַרניזאָנען פון שטראַסבורג, סאַרבורג און צוגרייטען די אייזענבאַהנען אויף דעם פאַל פון אַ מאָביליזאַציע. און צולעצט אַ טונקעלע ידיעה, אַז אויף די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, וואָס זאָלען מעגליך מאַכען אַ שנעלע מאָביליזאַציע.

איך געה מיט מיין פרוי אַרויס אויפ'ן בולוואר סען־מישעל. אַן אויסערגעוועהנליכע אויפרעגונג. מען טראָגט זיך אַרום מיט די אבענד צייטונגען און אַלע ענטהאַלטען די נייעס וועגען קריעגס־צושטאַנד אין דייטשלאַנד. אַ טיעפע זאָרג שפּיעגעלט זיך אויף די פּנימ'ער. מיר געהען הין און צוריק איבער'ן בולוואר, מישען זיך צווישען פּובליקום און ווען מיר קומען צו צום בעקאַנטען רעסטאָראַן קלאַזערי דע לילא, וואו אַלע דיענסטאַג קלייבען זיך צונויף די פראַנצויזישע פּאָעטען, זעהען מיר, ווי די חברים מאַרטאַוו און אקסעלראַד איילען אונז אַנטקעגען — ביידע שטאַרק אויפגערעגט. — „הערט, זאָגט צו אונז מאַרטאַוו — אַן אונגלויבליכער פאַקט. מען האָט אונז ערשט געזאָגט, אַז זשאָרעס זאָל זיין ערמאָרדעט“, — וואָס רעדט איהר, עס קען ניט זיין. עס קען ניט זיין — שרייט מיין פרוי. מיר שפּרינגען אַרויף אויפ'ן עלעקטרישען טראַמוואַי, וועלכער געהט אין דער ריכטונג פון די גרויסע בולווארען, און פון דאָרט צו דער רעדאַקציע פון „ל'הומאַניטע“. מיר ריידען אויפ'ן קול, רוסיש, דערמאָנענדיג אַלע וויילע דעם נאָמען זשאָרעס. אַ פראַנצויז, אונז אַנטקעגען, פערשטעהט וואָס מיר ריידען און גיט עפּעס אַ בורטשע, קענטיג אַ צו'להכעים'דיגע פראַזע, ווי „עס קומט איהם“... גלייך ווענדעט זיך צו אונז אַן אַנדער פראַנצויז און בעשטעטיגט, מיט אַ פערקלעמטען קול, — יא, זשאָרעס איז ערמאָרדעט. „אונזין, אונזין, עס קען ניט זיין!“ — טראַכט איך. און דאָ לויפען שוין די צייטונג־טרעגער מיט געשרייען „זשאָרע אסאַסינע!“ מיר שפּרינגען אַרונטער און כאַפּען זיך צו די צייטונגען.

יא, עס איז געשעהן. מען קאָן שוין ניט צווייפלען אין דער ווירקליכקייט פון דעם שרעקליכען פערברעכען, פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, די גרויסע שוואַרצע אותיות „זשאָרע אסאַסינע“ דריקען אויפ'ן געהירען, פרעסען דאָס האַרץ און טויטען יעדע האָפנונג, עס זאָל זיין ניט אמת, אַז געפאַלען איז דער גרויסער פאָלקסטריבון, דער שטאָלץ פון אינטערנאַציאָנאַל, אומגעקומען מיט אַ פריהצייטיגען טויט פון דער קויל פון אַ מערדער. וואָס פאַר אַ קלאַפּ פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט און פאַר יעדען פון אונז בעזונדער. אונזער אַלעמענס נאָהענטסטער, טייערסטער איז אומגעקומען און אויף וואָס פאַר אַן אונזיניגען אופן און אין וואָס פאַר אַ מאָמענט. אָה, ניין, עס קאָן דאָך ניט זיין. זשאָרעס איז ערמאָרדעט אין אַ מאָמענט, ווען גאַנץ אייראָפּאַ וואַרפט זיך אין

קריעגס־פיבער, ווען דער שטראָם פון צוקאָכטע לײדענשאַפטען כטראַשעט אראָבצוּשווײנקען אַלץ, וואָס איז מיט אַזוי פיעל מיה געשאַפען געוואָרען פון די טהוער פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם. זשאָרעס איז ערמאָרדעט אין אַ מאָמענט, ווען זיין קול האָט געדאַרפט אויפהיכען העכער ווי אַלע מאָל איבער גאַנץ פראַנקרייך און איבער דער סאָציאַליסטישער אייראָפּא.

מיר געהען צו צו דער נאָהענטסטער גרופּע פראַנצויזען, וועלכע רעדען וועגען דער טראַגישער געשעהענים, איינער איז אקארשט געקומען פון דער רעדאַקציע פון „ל׳הומאַניטע“ און גיט איבער אַלע איינצעלהייטען פון דער בלוטיגער פּאַסירונג. עס האָט זיך געפונען אַ צוהערער, וואָס האָט ניט געקענט פערטראַגען, ווי דאָס פּובליקום סימפּאַטיזירט מיט דעם געפאַלענעם פיהרער פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט און פערדאַמט דעם מערדער. ער לאָזט פאַלען אַ בעמערקונג, אַז דער מערדער האָט משמעות נאָכגעטהאָן מאַדאַם קאַיאַ, וועלכע האָט פון דער העלער הויט דער׳הרג׳עט קאַלמעטען, דעם בעסטען מענשען פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. ווער עס פרעהט זיך מיט דער פרייספּרעכונג פון קאַיאַ, האָט קיין מאָראַלישעס רעכט ניט צו פערדאַמען דעם מערדער פון זשאָרעס. די בעמערקונג האָט אַרויסגערופען ענטריסטונג, און דער אנהענגער פון קאַלמעט ווערט ניט אויפ׳ן שטעל.

„וואָס פאַר אַן אומגליק, וואָס פאַר אַן אומגליק — הערען זיך שטימען — דאָרט אין בערלין וועט מען זאָגען, אַז אין פּאַריז געהט אָן אַ שלאַכט אויף די גאַסען, אַז פראַנקרייך ווערט צוריסען פון אַ ברודער־קאַמפף, אַז זשאָרעס איז געפאַלען אויף די באַריקאַדען. וואָס פאַר אַ שאַנדע! זשאָרעס איז ערמאָרדעט געוואָרען אויפ׳ן צווייטען טאָג נאָכדעם, ווי ער האָט גערופען צו נאַציאָנאַלער איינינגקייט. אַזאַ גרויסער אומגליק, אַזאַ גרויסע שאַנדע פאַר פראַנקרייך, אַזאַ טרויעריגער פּאָרצייכען פון די קינפטיגע געשעהעניסען.“

פיעלע עדות גיבען איבער, אַז די נאַכריכט פון זשאָרעס׳עס ערמאָרדונג האָט זיך מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ פערשפּרייט איבער די דערבייאיגע גאַסען און בולוואַרען, אַז בוכשטעבליך אין אַ מינוט אַרום איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע פאַר דער רעדאַקציע פון „ל׳הומאַניטע“. פיעלע זיינען מיט דער מיינונג, אַז דער צאָרן פון דער מאַסע קען אויספּלאַצען אין ערנסטע אונרוהען, וואָס וואָלטען זיין געפעהרליך אונטער די איצטיגע אומשטענדען.

מען קען ניט צוקומען צו די בולוואַרען, צו „ל׳הומאַניטע“. די גאַסען זיינען אָבגעשפּאַרט מיט פּאָליציי, קאַוואַלעריע. די מוניציפּאַל גוואַרדיע, מיט ביקסען אויף די פּלייצעס איילט וואו ערגעץ אַוועק. מען ריכט זיך אויף אונרוהען.

„הערט זשע, — זאָג איך צו פּאַוועל באַריסאָוויטש אקסעלראָד — בעגרייפט דאָך, אַז קיין קאָנגרעס וועט ניט זיין. מאָרגען וועט ערקלערט ווערען אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, בעלאַגערונגסצושטאַנד, און איהר וועט זיך ניט קענען אַרויסקלייבען פון פּאַריז. קעהרט זיך בעסער אום אַהיים אין אייער שווייץ, אַניט וועט איהר דאָ פערהאַלטען ווערן איך ווייס ווי לאַנג“. אָבער דער אַלטער רעוואָלוציאָנער שלאָגט זיך מיט דער דעה. ער איז געפאָהרען אויפ׳ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, וועלכער איז בעשטימט אויפ׳ן 6טען אויגוסט, ער וועט וואַרטען ביז דאַן. אויפ׳ן פּלאַץ שטעלען מיר צונויף אַ קריעגס־ראַט פון חברים און מיר בעשליסען, אַז פּאַוועל באַריסאָוויטש מוז אונבעדינגט פאָהרען מאָרגען פריה. שטעלט זיך אָבער אַרוים, אַז פּאַוועל באַריסאָוויטש האָט נור שווייצערישע געלד און אויך ניט זעהר פיעל. אויף די וואַקזאַלען נעהמט מען שוין ניט קיין אויסלענדישע געלד און מען בייט אויך ניט אוים. אפילו פון פראַנצויזישע פּאַפּיערלאַך גיט מען ניט קיין אויסגאַב. חבר שיפּאַק, אַ בונדיסט, מיט וועלכען מיר בעגעגענען זיך, העלפט אונז אַרוים פון דער פערלעגענהייט. ער האָט 50 פראַנק אין זילבער. ער לויפט שוין און ברייננגט. מיר קומען אַריין אין קאַפע „קלאָזעריע דע לילאַ“, זעצען זיך צו אַ טישעל און רעדען זיך אַראָב פון האַרצען. זיצען ביז שפּעט. געזעגנען זיך מיט אקסעלראָד׳ען און קעהרען לאַנגזאַם זיך אום.

פון אַלע זייטען שפּאַרען מחנות מענשען. מען רעדט שוין, אַז סאָלדאַטען האָבען פערנומען דעם גאַרטען פון טוליערי און עס שטעהען שוין גרייט האַרמאַטען. עס טראָגען זיך ווי געשפּענסטער, שטיל אָהן רויש, די אַגענטען אויף וועלאָסיפּעדען. און ווידער און ווידער די רעפּובליקאַנישע גוואַרדיע. עס איז קלאָר, די רעגיערונג גרייט זיך. אָבער אַלץ איז רוהיג... 2 אַ זייגער ביינאַכט. די מחנות ווערען ביסלעכווייז צושוואָומען. וואָס וועט ברייננגען דער מאָרגענדיגער טאָג, ווי וועלען דאָס אויפנעהמען די פראַנצויזישע פּראָלעטאַריער. ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז זייער פיהרער, זייער פאָטער, זייער לעהרער איז ערמאָרדעט אויף אַזאַ פעררעטהערישען אופן ?!

שבת, דעם 1טען אויגוסט.

2. ווי די רעגיערונג און די פּרעסע האָבען זיך פערהאַלטען צו דעם מאָרד. דער נאַציאָנאַלער שלום. מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט זשאָרעס׳ען. זשאָרעס, אַלס אָראַטאָר, אַלס מענש, אַלס פיהרער, אַלס געזעלשאַפטליכער טהוער. די לעצטע בעמיהונגען פון

זשאָרעס'ען לטובות דעם שלום. זשאָרעס'עס בע־ציהונג צו רוסלאַנד.

איך כאַפּ זיך אויף פאַר פריה. געה ארויס אויפ'ן גאַס, אומעטום וואַרפען זיך אין די אויגען ווייסע רעגיערונגס־אפישען, רעדלעך לעבען זיי. איך געה צו און ווער איבערראַשט פון דער קלוגשאַפט און טאַקטישקייט פון דער פראַנצויזישער רעגיערונג. איך לעז דעם מאַניפעסט:

די פראַנצויזישע רעפובליק.

בירגער!

אקאַרשט איז אַ שרעקליכער פערברעכען געשעהען. זשאָרעס, דער גרויסער אָראַטאָר, מיט וועמען די פראַנצויזישע טריבונע האָט זיך גע־ריהמט, איז פעררעטעריש ערמאָרדעט געוואָרען.

אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיינע קאָלעגען בויג איך אין עהרפורכט מיין קאָפּ פאַר דעם פריהצייטיגען קבר פון רעפּובליקאַנער און סאָציאַליסט, וועלכער האָט זיין לעבען לאַנג געקעמפּפט פאַר אַ נאָבעלע זאַך און האָט אין די דאָזיגע שווערע טעג געשטיצט מיט זיין גאַנצען אויטאָריטעט די פּאַטריאָטישע טהעטיגקייט פון דער פראַנצויזישער רעגיערונג לטובת דעם שלום.

ביי די איצטיגע שווערע אומשטענדען, וואָס דאָס פאַטערלאַנד מאַכט דורך, לעגט די רע־גיערונג איהר האָפנונג אויף'ן פּאַטריאָטיזם פון ארבייטער־קלאַס און פון דער גאַנצער בע־פעלקערונג. זייענדיג זיכער, אַז די פאָלקס־מאַ־סען וועלען זיך פערהאַלטען רוהיג און די גע־זעלשאַפטליכע אויפרעגונג וועט ניט פערשאַרפט ווערען דורך אַן אגיטאַציע, וואָס קען ארויסרו־פען אונאָרדנונג אין דער הויפּטשטאָדט.

דער מערדער איז ארעסטירט. ער וועט בעשטראַפט ווערען. אַלע מעגען זיכער זיין אין דער קראַפט פון געזעץ. לאָמיר געבען אין דיע־זער שווערער מינוט פון געפאַהר אַ ביישפּיעל פון קאַלטבלוטיגקייט און איינגקייט.

אין נאָמען פון מיניסטאָרען־ראַט,
דער פּרעזידענט פון ראַט,
רענע וויוויאַני.

פיעלע לעזען און וויינען, אנדערע זיפצען, נאָך אַנדערע פערדאַמען דעם מערדער און די באַנדע ראַיאַליסטען, וועלכע זיינען פעראַנט־וואָרטליך פאַר דעם פערברעכען, וואָס האָט אוועקגענומען ביי פראַנקרייך איהר בעסטען זוהן און פיהרער. איך לאָז זיך אוועק איבער די גאַ־סען פון די ארבייטער־קוואַרטאַלען און שטעל זיך אָב ביי די גרופּען, וואָס לעזען די אפישען. די פּנים'ער דריקען אויס טיעפע גרייהרטקייט, אין די אויגען טרערען. עס פיהלט זיך, אַז אפילו ביי פיעלע ארבייטער, וואָס האָבען זיך נאָך נעכטען פערהאַלטען פיינדליך צו דער רע־גיערונג, בייט זיך די שטימונג. אונזיכטבאַרע פעדים האָבען פערבונדען די הערצער פון די רעוואָלוציאָנערען מיט די אָפיציעלע פאָרשטע־הער פון לאַנד.

אַלע צייטונגען דרוקען דעם בריעף פון פּרעזידענט צו מאַדאַם זשאָרעס:

„מאַדאַם!

איך האָב זיך ערשט דערוואוסט וועגען דעם שרעקליכען פערברעכען, פון וועלכען אייער מאַן איז געפאַלען אַ קרבן. זשאָרעס איז אָפט געווען מיין געגנער, אָבער איך האָב אַלע מאָל הויך געשעצט זיין טאַלענט און זיין כאַראַקטער, און אין דער שטונדע, ווען נאַציאָנאַלע איינגקייט איז נויטיגער ווי אַלע מאָל, האַלט איך זיך פער־פליכטעט אויסצודריקען פאַר אייך די בעוואונ־דערונג, וואָס איך האָב געפיהלט צו אייער מאַן.

נעהמט אָן, מאַדאַם, מיינע פערזיכערונגען אין מיין טיעפען מיטגעפיהל צו אייך אין דעם אומגליק, וואָס האָט אייך געטראָפען.

פּואַנקרע".

די גאַנצע פרעסע בעוויינט זשאָרעס'עס טוידט, ווי אַ נאַציאָנאַלען אומגליק. און פון די פיעלע ארטיקלען, וואָס זיינען געווידמעט דעם געפאַלענעם קעמפּפער, דעם מאַרטירער פאַר דער אידעע פון פריעדען, האָט מיך אַם שטאַרקסטען איבערראַשט דער מערקווירדיגער ארטיקעל פון גוסטאַוו הערווע אין „לאַ גער סאָסיאַל".

„פרעהט זיך, איהר שלאַנגען, אין אייערע בעהעלטעניִשען, פון וואַנען איהר האָט יאָהרען־לאַנג געשפּריצט מיט דעם גיפטיגען בלבול, אַז דיעזער מאַן איז פערקויפט געווען צו דייטש־לאַנד.

איהר אָבער, דענקענדע פּאַטריאָטען, וויינט. פראַנקרייך האָט פערלאָרען דעם בעסטען און דעם גרעסטען פון איהרע זיהן.

און אויך איהר, פראַנצויזישע מוטערס, וויינט. אייערע זיהן האָבען פערלאָרען דעמיעני־גען, וועלכער האָט אין משך פון צעהן יאָהר אָנגעפיהרט די פּאַרטיי, וואָס האָט ענערגישער פון אַלע געקעמפּפט אָבצושאַפען די גרוילען פון מלחמה.

מיר, פער'יתום'טע סאָציאַליסטען, וועלען ניט וויינען. איצט איז ניט די צייט פאַר קרעכ־צען. וויינט ניט. האַלט איין אייער געשריי פון גרימצאָרן...

הערט, ער רעדט צו אייך. אַה, איהר הערט איהם. איהר דערקענט די קלאַנגען, וואָס פלע־גען אַזוי אָפט דערטראָגען זיך צו אייך אויף די מיטינגען. איהר דערקענט זיינע לעהרען, איהר, וואָס איהר ווייסט, ווי הויך דיעזער מעכ־טיגער פערשטאַנד האָט געשעצט אלין, וואָס מיר האָבען צו פערדאַנקען דעם פריעדען און דער מענשהייט און דעם פאַטערלאַנד.

הערט, הערט. איהר דערקענט זיין קול:

„מיינע פריינד, מיינע קינדער, דאָס פאַטערלאַנד איז אין געפאַהר, זיי האָבען מיך דער'הרג'עט;

ווען איהר וועט וועלען נקמה נעהמען, וועט איהר דער'הרג'ען דאָס פאַטערלאַנד."

און איך צווייפעל ניט, אַז די אויפפאָדערונג פון הערווע און די איבריגע סאָציאַליסטען וועט דערהערט ווערען פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכער צייגט איצט אַרויס אויף טריט און שריט זיין ליעבע צו זיין היים, צו זיין אייגען לאַנד.

ווילהעלם, ווילהעלם, זעהסטו כאָטש, אַז קעגען דיר הייבט זיך אויף אַ נייע פראַנקרייך, ניט די צוריסענע פראַנקרייך פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, נור די גרויסע פעראייניגטע פראַנקרייך, וועלכע פערשטעהט די געפאַהר פון מאָמענט און וועלכע אין אַנגעזיכט פון פּרייסישען קעניג פערגעסט איהרע קלאַסען-ווידערשפּרוכען און איהר פּאַרטייען-שטרייט. אמת, די רעפּובליקאַנישע רעגיערונג פון פראַנקרייך און איהר בורזשואַזיע וועלען אויך ווייטער בלייבען ביי דער הערשאַפט, שטיצענדיג זיך אויף ביקסען און קאַנאָנען, אָט ווי אומעטום. אָבער קוקט ווי פיין די רעגיערענדע קרייזען פון פראַנקרייך פערשטעהען צו שעצען דעם ווערט פון יענע „איידעלע מאַטעריען", וואָס האָבען, דאַכט זיך, קיין וואָג ניט, וואָס וועגען אָבער אַריבער מיט זייער משא אויף די וואַגשאַלען פון אינערען און אויסערן לעבען פון די פעלקער אַלע אייערע ביקסען, קאַנאָנען און פּאַנצער-שיפען צוזאַמענגענומען. יענע, וועלכע ווייסען ווי צו בעגעהן זיך מיט דיעזע אונזיכטבאַרע, גייסטיגע משאות קומען תמיד אַרויס די זיעגער.

* * *

איך האָב זיך בעקענט מיט זשאָרעס'ן אין 1902, ביי מיין ערשטען בעזוך אין פּאַריז. איך האָב זיך צוריקגעקעהרט פון אַ מיטינג וואו זשאָרעס האָט גערעדט. זיין רעדע האָט מיך אַזוי דורכגענומען, אַז איך האָב די גאַנצע צייט געהאַלטען אין איין ציטערן, כאָטש איך האָב נאָך דאַמאָלס ניט זעהר גוט פערשטאַנען פראַנצויזיש. אגב איז דאָס געווען צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען, וואָס איך האָב בייגעוואוינט אַ מיטינג. ז ש אָ ר ע ס ' ע ס ק ו ל פ ל ע ג ט ש ל אָ ג ע ן א י ב ע ר ד ע ר ב ר ו ס ט, פ ל ע ג ט מ אַ כ ע ן ד ע ם א י י נ ד ר ו ק ו ו י פ ו ן א פ י ז י ש ע ן ק ל אַ פּ. אַ גאַנצע קאַפּעלע מיט פערשיעדענע געפיהלען האָט געשפּיעלט אין מיר. דאָ האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט געהען פאַרביי מיר זיעגרייכע רעוואָלוציאָנערע פעלקער, מיט פונאַנדערגעוויקעלטע רויטע פאָהנען, דעם סימבאָל פון בלוט, וואָס די פעלקער האָבען פערגאָסען פאַר פרייהייט. איך האָב ממש געהערט די אייזערנע טריט פון די באַטאַליאָנען, דאָס טראַמפּלען פון די פערד, דעם פערטויבענדען בראַזג פון דער שווערער אַרטילעריע און אַ מורא'דיגען געזאַנג פון טויזענדער און טויזענדער שטימען. און די קריעגס-מוזיק ווערט שטילער און שטילער און שטאַרבט אָב. און איך הער ערגעץ שפּיעלט אַ פּיעדעל אַ ליעד וועגען די ליידען פון מענשען אָהן מזל, פון די פינסטערע מאַכען, אַ ליעד וועגען אידעאַל, הימעל און שטערן, וועגען די וואונדער פון דער נאַטור, דאָס רייכטום און שעהנקייט פון דער ערד, וואָס די מענשען וועלען זיך נאָך אַ מאָל פרעהען מיט זיי אַלע צוגלייך. און פּלוצלונג אַ שניידענדער סיגנאַל-רוף רייסט דורך די לופט — „שליעסט די רייהען!" — דער פּויק און דער טרומייט פיהרען דעם חיל צו דער אַטאַקע. און אין מיטען דערינען האָט זיך אָנגעצונדען און אַוועקגעשוועבט הויך אין דער לופטען אַ ראַקעט און דאָרט אויסגעפּלאַצט אין אַ בלענדענדען פייערווערק, זיך צושאָטען אין פונקען און צו יעדערן אין האַרצען איז אַריין אַ פונק און אַ ברען געטהאָן. און ווי שלעכט און עגאָאיסטיש זאָל ניט געווען זיין יעדער פון די צוהערער בעזונדער, אָבער אַלע צוזאַמען האָבען זיך געפיהלט ווי אַ טהייל פון אַ גאַנצען, פון אַן אַרמעע, וואָס איז גרייט אָט שוין צו געהן אין קאַמפּף פאַר אַ בעסערע צוקונפט, פאַר דער מענשהייט, אין קאַמפּף מיט אַלע פינסטערע קרעפטען פון דער רעאַקציע...

אַהיימפאָהרענדיג בין איך מיט נאָך פּיעל רוסישע אַרויף אויף דער פערדען-קאַר, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען. מיט אונז אויך חבר גאָץ, איינער פון די אַנגעזעהנסטע פאָרשטעהער פון די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען, אַ פייעריגער אָנהענגער פון טעראָר, אַ פריינד פון גערשוני, רובאַנאָוויטש א. ז. וו. מיר האָבען זיך בעגריסט און אין זעלבען אייגענבליק איז אַריינגעקומען זשאָרעס. אין גאַנצען רויט, בוכשטעבליך זיך באָדענדיג אין שווייס. דאָס איז געווען אַ מאַן פון מיטעלען וואוקס, מיט ברייטליכע, דאָך רעגעלמעסיגע געזיכטציגע, מיט אַ פּאָאַר שעהנע מילדע אויגען, ברייטבייניג, קרעפטיג געבויט און מיט קליינע אַריסטאָקראַטישע הענדטלאָך. אין דער רעכטער האַנד האָט ער געהאַלטען עפּעס אַ בוך. דאָס געזיכט האָט געאָטעמט מיט קלוגקייט, גוטסקייט און ענערגיע. אַ געזיכט ווי געוועהנליך, וואָס האָט מיך ניט איבעראַשט. צו יענער צייט בין איך געווען נאָך גענוג יונג און אונערפאָהרען און מיט אַן אמת געגלויבט, אַז ביי גרויסע מענשען מוז די אויסערליכקייט זיך תיכף וואַרפען אין די אויגען, נו, און זשאָרעס'ן וואָלט מען לייכט ניט געקענט בעמערקען אויך. איינער, וואָס קען איהם ניט, וואָלט זיך ניט געכאַפּט, אַז פאַר איהם געפינט זיך דער גרעסטער רעדנער פון דער וועלט, דער פלאַמענדער טריבון, דער פיינער פּאָעט, דער טיעפער פּאָליטיקער, דער מאַן פון אַ וועלט-ברייטען פערשטאַנד און זאַנפטען האַרץ, אַ מאַן פון אַן אייזערנער,

אונבויגזאַמער ענערגיע, פון אַ שטאַנדהאַפטיגקייט, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט ברעכען, און גלייכצייטיג פון אַ גוטסקייט אָהן אַ סוף און ממש ווייבליכער ווייכקייט. און וואָס עס האָט מיך יאָ איבערראַשט, איז די אויפרעגונג, וואָס האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען אין זשאָרעס'ען. עס האָט געקאָכט אין איהם. דער פלאַם, וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריק געריסען דרויסען און געצונדען זיינע ווערטער, האָט געפלאַקערט אינוועניג, ווי אַן „אונטערערדישער" פייער. דער דונערנדער, פייערשיסענדער באַרג איז ניט פערלאָשען געוואָרען, ער האָט פאָרטגעזעצט זיין אינעווייניגסטע אַרבייט און האָט נאָך אַלץ געוואָרפען פון זיך, שטום און קלאַנגלאָז, ברענענדע לאַווע. זשאָרעס האָט זיך צוגעזעצט געגען אונז.

די ווייסע געפלעטע העמד איז געווען צוקראָכען. גרויסע טראָפּענס שוויים האָבען זיך געקייקעלט פון זיין שטערען און האָבען זיך פערהאַלטען אין די געדיכטע ברעמען. זיין מעכטיגע ברוסט האָט זיך בעוועגט אַרויף און אַראָב. עס איז קענטיג געווען, זיין האַרץ איז נאָך אַלץ ניט רוהיג און קלאַפּט מיט אימפּעט. דאָס האָט מיך דורכגענומען — איך בין גערירט געווען. יאָ, אָט די וואונדערבאַרע רעדע איז ניט געווען אַ ווערק פון אַ קינסטלערדעקלאַמאַטאָר, זי איז ווירקליך געקומען פון דער טיעפעניש פון זיין נשמה, פון די חדרי חדרים פון זיין האַרצען, זי האָט געפאָדערט פון דעם ריעז אַ מורא'דיגע אנשטריינגונג פון זיינע נערוועזן און אינוועניגסטע קרעפטען. בעמערקענדיג גאָצ'ען, האָט זשאָרעס אַ שמייכעל געטהאָן און איהם אויסגעשטרעקט די האַנד: „באָן זשור, קאַמעראַד!" מיר האָבען זיך צורעדט. פון אָנהויב האָט ער גערעדט לאַנגזאַם, דערנאָך בעלעבטער. אַזוי ווי מיר אַלע רוסישע, סיי איך, סיי גאָץ, ס.־ד. און ס.־ר., זיינען דאַמאָלס געווען גרויסע ביכער־פרעסער, האָבען מיר אַלץ געוואָרפען בליקען אויף דאָס בוך, וואָס ער האַלט אין האַנד. זשאָרעס האָט עס בעמערקט און מיט אַ ליעבען שמייכעל אַ זאָג געטהאָן: „דאָס שטודיר איך די ווערק פון אייער אַ לאַנדסמאַן". דאָס איז געוועזען דער ערשטער באַנד פון „די ווערק פון מיכאַאיל באַקונין", וואָס האָבען דאַמאָלס אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן אין פראַנצויזיש. ער האָט עס מיטגענומען צו לעזען אין קאַר. נעכטען האָט ער ביז שפּעט אין דער נאַכט געלעזען דעם רוסישען אַנאַרכיסט, מיט וועלכען ער איז גאָרניט איינפערשטאַנען געווען.

זשאָרעס איז געווען אַן אונגעוועהנליכער. ער איז אומעטום און אין אַלץ געווען דער ערשטער און דער **שטאַרקסטער** — אין „ליצעאום", אין דער „נאָרמאַל שולע", וואו ער האָט שטודירט, אין פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט, אין דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען. אויפ'ן אַמסטערדאַמער קאָנגרעס, וואו ער האָט פערטיידיגט דעם רעוויזיאָניסטישען שטאַנדפּונקט און איז בעזיעגט געוואָרען, האָבען אַפילו די געגנער זיינע וואָס האָבען געשטימט געגען איהם, געגען זיין שטאַנדפּונקט, האָבען ניט געקענט אָבוואונדערן זיך פון דער מאַכט פון דיעזען מכשף. „עס איז ניטאָ און עס וועט ניט זיין זיין גלייכען" — האָבען זיי גערעדט צווישען זיך, טיילענדיג זיך מיט די איינדריקע פון זיינע ריידען. „אַפילו אַ בעזיעגטער איז ער אויך שטאַרקער פון אַלע זיעגער צוזאַמענגענומען". און די וואָס האָבען ניט געוואוסט, ווי דיעזער ריעז קען זיך בעהערשען און זיך אונטערוואַרפען דער דיסציפּלין, האָבען מורא געהאַט ער זאָל ניט פערלאָזען דעם אינטערנאַציאָנאַל. „וואָס פאַר אַ שרעקליכער קלאַפּ דאָס וועט זיין פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי!"

זשאָרעס — דאָס איז דער סאָציאַליסטישער מאָנבלאַן, די הימאַלאַיען. ער איז געווען דער שטאָלץ, דער שיין, די זון פון אינטערנאַציאָנאַל.

אין זיינע בעסטע יאָהרען איז ער אַריינגעטראָטען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און זייט דאַן ביז זיין לעצטען אָטעם־צוג האָט ער געדיענט מיט דער מאַכט און אָפּפערווילינקייט פון אַן אַפּאָסטאָל די אינטערעסען פון אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט. ווער ווייס דען ניט וועגען זשאָרעסעס פערדיענסטען אַלס פעראייניגער פון דער פראַנצויזישער סאָצ. פּאַרטיי, וועגען זיין ראָלע אין דער דרייפוס־אַפערע, וועגען זיין קאַמפּאַניע געגען דער מאַראָקאַנער עקספּעדיציע? ער האָט גלייך און איינער פון די ערשטע איינגעזעהן, אַז זי ברייננט די געפאַהר פון אַן אַלאייראָפּעאישער מלחמה, און געגען דעם געשפּענסט פון מלחמה האָט ער ניט אויפגעהערט צו קעמפּפען.

זשאָרעס איז געווען דער טשעמפּיאָן פון דעם „קריעג געגען קריעג". ער פלעגט שאַרף אַרויסטרעטען געגען די אַנטיפּאַטריאָטישע רעזאָלוציעס פון גוסטאַוו הערווע, וועלכער האָט גע'טענה'ט אַז פאַר'ן פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט איז אַלץ איינס ווער עס הערשט איבער איהם — צי די פראַנצויזישע בורזשואַזיע, צי דאָס דייטשע יונקערטום מיט ווילהעלם'ן בראש. זשאָרעס, פערקעהרט, האָט אויף די נאַציאָנאַלע קאָנגרעסען אין לימאַזש, נאַנסי און אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין שטוטגאַרד, שטענדיג אונטערגעשטראָכען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט

דארף יאָ טהיער האלטען זיין פאטערלאנד, אָבער גלייכצייטיג האָט ער גערופען קעמפּפען געגען מלחמה מיט אלע מיטלען, איינגעשלאָסען גענעראל סטרייק.

זשאָרעס האָט ניט געקענט צולאָזען אפילו אין געדאנק די מעגליכקייט פון אן אלאייראָפּעאישער מלחמה. ער האָט געגלויבט מיט'ן גאנצען הארצען, אז מיט די פעראייניגטע כוחות פון אלע פּראָלעטאריער וועט זיך דאָך איינגעבען ניט צו דערלאָזען די קעניגע און די קסרים אָנצוצינדען אן אלאייראָפּייאישען פלאקער, וועלכער וועט מאכען א תל פון אָונזער גאנצער ציוויליזאציאָן. און נאָך מעהר פון דעם מאטעריעלען חורבן, נאָך מעהר פון די שחיטות האָט איהם געשראָקען דער שאדען, וואָס אן אלאייראָפּעאישע מלחמה וועט אָנטהאָן דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם. איהם האָט געשווידערט ביי דעם געדאנק, ווי אזוי מיליאָנען פראנצויזישע, דייטשע, עסטרייכישע, ענגלישע, רוסישע, איטאליענישע פּראָלעטאריער, וועלכע בעלאנגען אָפיציעל צום „אינטערנאציאָנאל", וועלען נעהמען שיסען איינע די אנדערע.

און זשאָרעס איז געשטאָרבען אלס מארטירער פון דער פריעדענס־אידעע, פון זיין פאנאטישער געגנערשאפט צו מלחמה. זשאָרעס'עס טהעטיגקייט לטובת דעם פריעדען, זיין קאָמפּאניע געגען דעם דריי־יעהריגען דיענסט, ווייטער זיין אגיטאציע פאר אן אינטערנאציאָנאלען גענעראל־סטרייק ערב דער מלחמה, אלס דעמאָנסטראציאָנס־מיטעל, האָט שרעקליך אויפגעבראכט געגען זשאָרעס'ן די שאָוויניסטען פון אלע קאָלירען.

דעם 17טען דזשוליי האָט דאָס נאציאָנאליסטיש בלעטעל „פּאַרי מידי", אין אן ארטיקעל אונטערגעשריעבען פון הויפּט־רעדאקטאָר מאריס דע וואלעף, אָבגעדרוקט פאָלגענדע פראוואקאטאָרשע שורות:

„יאָ, יאָ, אָט אזוי וועלען זיך פונאנדערוויקלען די געשעהניסען, א דאנק דעם רויטען טריבון. אָבער צי דען־זשע דענקט איהר, אז דער גענעראל, וועלכער וועט ערב דער מלחמה, האָבענדיג האָטש 4 סאָלדאטען מיט א קאפּראל, צושטעלען זשאָרעסען צו דער וואנד און איהם דערשיסען, וועט ניט טהאָן זיין פליכט? נאטירליך, איך פון מיין זייט וואָלט איהם דער ערשטער געהאָלפען".

אורבאן גאיע, דער פריהעריגער דרייפוסאר, האָט געשריעבען: „ווען אין פראנקרייך וועט דאמאָלס זיך געפינען כאָטש איין מוטיגער פיהרער, וועט ער גלייכצייטיג מיט דער אויפפאָדערונג צו מאָביליזאציע זשאָרעסען צושטעלען צו דער וואנד און דערשיסען".

און די קאָמפּאניע געגען זשאָרעסען האָט ניט געקענט בלייבען ווירקונגסלאָז. עס האָט זיך געפונען א פאנאטיקער, וועלכער, אויפגערייצט פון די העצע־ארטיקלען געגען זשאָרעסען, האָט די בלוטיגע טהאט גענומען אויף זיך.

זשאָרעס איז געשטאָרבען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די מאָביליזאציע.

זשאָרעס איז געשטאָרבען, און די מלחמה האָט זיך גענומען אָנרוקען.

א משוגענער האָט מיט א שטיקעל בליי צושמעטערט א וואונדערבארען געהירן און א גרויס הארץ, און פאר אונז ליעגט א שטומער, בעוועגלאָזער גוף. וואָס זשע וועט ווערען פון אונזער קולטור און ציוויליזאציאָן, פון אונזער אינטערנאציאָנאל, פאר וועלכען מיר האָבען דעם לעבען געלייגט, ווען דער משוגענער גאָט פון מלחמה וועט אויסשיסען אויף אייראָפּא טויזענדער און טויזענדער טאָנען בליי, טשוגון און דינאמיט און צושמעטערן מיליאָנען לעבענס?!...

די לעצטע ארבייט פון זשאָרעסען איז געווען לטובת דעם פריעדען. אין דעם אומגליקסטאָג, דעם 31טען דעצעמבער, זיינען אין פּארלאמענט פערשפּרייט געוואָרען שטארק בעאונרוהיגענדע קלאנגען וועגען דער אינטערנאציאָנאלער לאגע. די קלאנגען האָבען געשטאמט פון די מיניסטאָרען אָגאניער און דאליניע. שפּעטער איז געקומען דער מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען מאלווי. זשאָרעס איז צוגעשטאנען צו איהם און זעהר בעזאָרגט גענומען פונאנדערפרעגען וועגען דער לאגע, וועגען די האנדלונגען פון מיניסטעריום, וועגען די רעזולטאטען, וואָס מען קען ערווארטען פון סער גרעי'ס פאָרשלאג. דער מיניסטער האָט דערויף געענטפערט, אז די פראנצויזישע רעגיערונג טהוט אלץ וואָס זי קען צו אונטערשטיצען דאָס ענגלישע מיניסטעריום אין זיינע בעמיהונגען צו ברייגנען דעם סכסוך צו א פריעדליכען סוף, און אז די אונטערהאנדלונגען געהען נאָך אָן, כאָטש די לאגע איז זעהר און זעהר ערנסט.

זשאָרעס האָט זיך ניט בענוגענט מיט דיזע פערזיכערונגען און געפאָדערט פון מיניסטער ער זאָל איהם זאָגען, וואָס פינקטליכער און וואָס אויספיהרליכער, אויף וואָס פאר אן אופן דאָס מיניסטעריום אונטערשטיצט דעם ענגלישען פאָרשלאג. ווי מארסעל קאשען, וועלכער איז דערביי געווען ביים געשפּרעך, גיט איבער, האָט זשאָרעס בעזונדערס זיך אינטערעסירט צו וויסען, צו די מיניסטאָרען אונטערשטיצען ענגלאנד מיט גענוג ענערגיע, מיט דעם נויטיגען פייער, מיט דעם אויפריכטיגען, ליידענשאפטליכען פערלאנג נאָך פריעדען? און זשאָרעס האָט אויפמערקזאם געמאכט דעם מיניסטער, ווי גרויס עס וועט זיין די פעראנטוואָרטליכקייט פון דער פראנצויזישער רעגיערונג, ווען זי וועט ניט זעהן צו ווירקען אויף

דעם ענערגישסטען אופן אויף דער רוסישער רעגיערונג, וועלכע איז די איינציגע וואָס קען רעטען דעם פריעדען.

מען דאַרף ניט ציהען — האָט זשאָרעס צוגעגעבען — קיין פוילע אונטערהאַנדלונגען מיט רוסלאַנד. מען דאַרף נעהמען ריידען מיט די רוסישע מיניסטאָרען א פעסטע, ענערגישע שפּראַך, מען דאַרף זיי אָנווייזען, אַז דער טכסוך, וואָס רוקט זיך אָן, איז פאַר רוסלאַנד אָהן אן ערך ווייניגער געפעהרליך, ווי פאַר פראַנקרייך, וועלכע וועט מוזען גערעד אויסשטעהן דעם מורא'דיגסטען און דעם ענטשיעדענסטען קלאַפּ, און אַז ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָט פראַנקרייך א רעכט צו פאָדערן פון איהר בונדס־חבר, ער זאָל געהן וואָס ווייטער אויפ'ן וועג, וואָס ענגלאַנד האָט אָנגעצייכענט. רוסלאַנד מוז אָננעהמען ענגלאַנד'ס פאָרשלאַג. ווען ניט, איז פראַנקרייך'ס פליכט צו זאָגען רוסלאַנד, אַז זי וועט פון רוסלאַנד זיך ניט לאָזען פיהרען און זי וועט געהן האַנד אין האַנד מיט ענגלאַנד.

ווען אָבער דער דרוק אויף רוסלאַנד וועט ניט זיין גענוג ענערגיש — האָט זשאָרעס געענדיגט, לויט קאַשענ'ס מיטטיילונג — וועט קומען דאָס, וואָס מוז קומען. און אויף דער פראַנצויזישער רעגיערונג וועט פאַלען א מורא'דיגע פעראַנטוואָרטליכקייט, עס וועט זיך ארויסשטעלען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז פראַנקרייך איז ניט פעהיג צו ריידען צו רוסלאַנד ווי א גלייכע צו א גלייכען, ווען עס האַנדעלט זיך אום צו פערטיידיגען איהרע אינטערעסען, אַז זי איז ניט מעהר ווי א וואַסאַל פון רוסלאַנד, און רוסלאַנד אוים פשוט'ער אייגענליעבע שלעפּט אַוועק פראַנקרייך ווייט פון דעם וועג, וואָס איז פאַר איהר בעשטימט, ווייט פון די ציעלען, צו וועלכע זי איז בערופען.

דער מיניסטער האָט אויסגעהערט זשאָרעס'עס ליידענשאַפטליכען אפּיל און גענומען איהם פערזיכערען אַז אויך ער ווינשט אויפריכטיג פריעדען. אָבער עס איז קענטיג געווען, אַז ער איז ניט מסכים מיט זשאָרעסען, דאָס עס איז נויטיג און צוועקמעסיג צו ווענדען זיך צו רוסלאַנד אין דעם גייסט, ווי דער פיהרער פון פראַנצויזישען סאָציאַליזם האָט עס אָנגעוויזען.

דאַן האָט זשאָרעס בעשלאָסען צו זעהן זיך מיט'ן פרעזידענט פון מיניסטאָרען־ראַט וויוויאַני. צוזאַמען מיט מאַרסעל קאַשען, לאָנגע, בראַק, בעדים, רענאַדעל, איז זשאָרעס אַוועק אין אויסערן־מיניסטעריום. אנשטאַט וויוויאַני האָט די דעלעגאַציע אויפגענומען דער געהילפס־מיניסטער אַלבער פעררי. זשאָרעס האָט נאָך אַמאָל, מיט פעסטקייט און וואונדערבאַרער קראַפט, אין א רעדע, אין וועלכער ער האָט דאַכט זיך אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה, ווידערהאָלט און ענטוויקעלט זיינע פריהעריגע אַרגומענטען, ווי נויטיג עס איז ענערגיש צו ווירקען אויף רוסלאַנד אין די אינטערעסען פון פריעדען. אַלבער פעררי האָט קיין בעשטימטען ענטפער ניט געגעבען און האָט נור געזאָגט: „אַ שאַד, זשאָרעס, וואָס איהר זייט ניט מיט אונז מיניסטאָרען, אום צו העלפען אונז מיט אייער ראַט“.

זשאָרעס איז דאַן אַוועק אין דער רעדאַקציע פון „ל'הומאַניטע“, אום אויסצודריקען אין א לייטאַרטיקעל די מיינונגען, וועלכע ער האָט אַקאַרשט ענטוויקעלט פאַר די מאַכטלאָזע און פערבלענדעטע מיניסטאָרען. ווי קאַשען און די אַנדערע מיטאַרבייטער פון הומאַניטע גיבען איבער, האָט זשאָרעס זיך געקליבען אָנצושרייבען א פייערדיגען אַרטיקעל, אין וועלכען ער האָט געזאָלט אַרונטערנעהמען די פעראַנטוואָרטליכקייט פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פאַר די געשעהעניסען, וואָס רוקען זיך אָן אויף פראַנקרייך און גאַנץ אייראָפּא.

דער טויט דורך א מערדער־קויל האָט איהם געשטערט אין דעם, צום אומגליק פון פראַנקרייך און פון גאַנצען אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

בעוויינענדיג דעם טויט פון דעם גרויסען פראַנצויזישען סאָציאַליסט, שרייבט די „הומאַניטע“, וועלכע איז היינט ארויס אין א שוואַרצען ראַהם, פאָלגענדעס :

„עס איז פאַרהאַן אן אלטע מזרח־לעגענדע, וועלכע דערצעהלט, אַז דער טויט פון איין הייליגען קען אויסקויפען די זינד פון דער גאַנצער מענשהייט, ראַטעווען איהר פון ליידען און טויט. זאָל זשע דער טויט פון אונזער הייליגען, וועלכער איז אַקאַרשט געפאַלען אויף זיין פּאָסטען, אַלס קרבן פון גיפטיגער, העסליכער שנאה, אויפוועקען אַזאַ גרויל און אַזאַ עקעל, אַז די פעלקער זאָלען זיך פּלוצלינג אויפהויבען געגען מלחמה, און אין דעם גרויל געפינען קראַפט דערצו . . . עס איז נאָך צייט אָבצושטעלען די מערדער־העגד.

„פאַר דעם אָפענעם קבר פון איהר פיהרער זאָגט די רעדאַקציע פון „הומאַניטע“ פון טיעפסטען האַרצען דיעזען וואונש ארויס.“

איך לעז אָט די שורות מיט א פערקלעמטען האַרצען און שעפּצע :

„הלואי !“

דאָך, די געשעהעניסען געהען מיט זייער גאַנג, וויקלען זיך פונאַנדער מיט איבעראַשענדער שנעלקייט. אויף די גאַסען פון סאָמע בעגינען קאָכט און רודערט. איינִיגע אייַלען ערגעץ, אַנדערע, ווי דער שטייגער, קלייבען זיך צונויף אין הייפלעך. א פרוי פון אונ־

זער קוואַרטאַל דערצעהלט מיר, אַז איהר מאַן, וועלכער איז שוין אַ פערציגער, איז פּלוצלונג גערופען געוואָרען צו דיענסט, און אויך אַנדערע עלטערע רעזערוויסטען זיינען גערופען און מאָדנע — די אינגערע פאָדערט מען ניט. איך פערשטעה וואָס דאָ מיינט, נור איך שווייג. עס איז קלאָר, אַז די וואָס זיינען גערופען געוואָרען היינט ביינאַכט און אין דער פריה וועלען פערנעהמען די אייזענבאַהנען און בריקען, און ווען דיעזע וואָך וועט שוין זיין אויסגעשטעלט אויף די פלעצער, וועט זיך אָנהויבען די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע.

5 אוהר נאָכמיטאָג.

נעבען פּאָסט־אָפּיס שטעהט אַ המון. איך געה צו, אויף דער וואַנד איז אָנגעקלאַפּט אַ קליינע שריפטליכע רעגיערונגס־מעלדונג אויף געלע פּאַפּיער:

דאָס קריעגס־מיניסטעריום.
אַ צירקולאַר פון עקסטרא וויכטיגקייט.
אַ בעפעהל וועגען אַלגעמיינער מאָביליזאַציע.
דער ערשטער טאָג פון מאָביליזאַציע זונטאַג דעם צווייטען אויגוסט.“

אַלזאָ מאָרגען הויבט זיך אָן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. אזעלכע קליינע מעלדונגען זיינען אויסגעהאַנגען ביי אַלע פּאָסט־אָפּיסעס, ביי דער פּרעפעקטור, אויף אַלע דענקמעלער.

זשאָרעס איז טויט, און עס הויבט זיך אָן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. זשאָרעס איז ערמאָרדעט, און עס רוקט זיך אָן אַן אַלגעמיינע שחיטה . . . (ווייטערע פראַגמענטען קומען).

מ. סטאַווסקי

משודע־גנב

(ערצעהלונג אין זעקס קאַפּיטלען)

פינפטער קאַפּיטעל.

געענדיגט האָט זיך דער זומער. נאָך'ן זומער איז געקומען דער הערבסט, נאָך'ן הערבסט — דער ווינטער, און נאָך'ן ווינטער דער פריהלינג.

ווי איז אָנגעקומען דער פריהלינג? איז געוועזן אזוי: א טאָג נאָך פּורים איז דער גרויסער גאַלאַגאַנסקער האָן מיט די צוויי שאַרפע שפּיציגע „שפּאָרעס“, וואָס קוקען אַרויס פון מיטען די פיס, איינע געגען דער אַנדערע, און מיט דעם גרויסען־פּיעלצייניגען קאַם, שקאַציש אויף דער רעכטער זייט פערוואָרפען, —אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן הויכען פּאַרקען און האָט איבער'ן גאַס און פון גאַס איבער'ן גאַנצען שטעדטיל הויך אויסגעקרעהט: קו־קו־רי־קו!... דריי מאָל אזוי זיכער און מיט ווירדע, אַז ווען ער איז אַראָבגעשפּרונגען, האָט די האַריץ פון דער ווייסער הון מיט דעם שעהנעם טשוב און באָרד, — שוין געהערט צו איהם . . .

און באַלד איז פון דרום זייט אַ וואַרעם ווינטעל אָנגעקומען מיט אַ גרוס: ער געהט, ער געהט! דאָס הייסט דער פריהלינג איז שוין נאָהענט, אונטער'ן שטאָדט, און טראָגט מיט זיך מיליאָנען האָפנונגען. האָט גלייך דער שנעע געקראָגען אַ מרה־שחורה'דיגען אויסזעהן, און דער ווינטער אויף די דעכער האָט זיך פאַרנאַנדערגעוויינט. לאַנג האָט אזוי געוויינט. דערנאָך האָט זיך דאָס געוויין איבער די גאַסען און לושזקעלאָך געשלייגעלט, ביז עס איז צוגעפאַלען די נאַכט מיט אַ ווייס פּרעסטעל, ווי בעזילבערט מיט דער שיין פון דער האַלב חדש'דיגער לבנה . . .

און אויף מאָרגען איז די זון אויפגעגאַנגען גאָר הויך, העכער ווי אַלע מאָל, און האָט אויסגעזעהן אזוי קלאָר ווי נאָך קיין מאָל ניט געווען. דאָס ערשטע וואָס זי האָט בעגעגענט זיינען געוועזן די ווייס בעזילבערטע דעכער ווי בעשאָטען מיט בריליאַנטענע זעגאַכט'ס, און פון די דעכער קריסטאַלענע מיליאָנען פאַרביגע ליכטלאָך. און די ערד מיט די קריסטאַלען גלעזערנע הייטעל בעצויגען, דער נאַכטס אַרבייט . . .

צוגעגאַנגען איז די זון צו דער נאַכט און צו אַליז, וואָס עס געהערט צו דער נאַכט, אזוי ווייך און וואַרעם ווי נאָר די זון קען עס מאַכען . . . און אזוי קושענדיג און גלעטענדיג איז פון דער נאַכט און פון אַליז, וואָס עס האָט געהערט צו דער נאַכט, קיין סימן ניט געבליבען . . .

און צו־האַלבען טאָג האָבען זיך שוין הי־נער געשאַרט אין מיסט. פערד און בהמות און אַלע פּיער־פּיסיגע זיינען געווען אין דער־אויסען אונטער דער זון, האָבען זיך געבאַרשט, געצערטעלט און אַרויסגעוואָרפען די ווינטער־דיגע האָר . . .

צוזאַמען מיט דעם ערשטען פּריהלינגס־אָנזאָג, האָט ביי אונז אין שטוב אַ שמעק גע־טהון מיט פּסח. וואָס מ'האָט ניט געטהון און צו וואָס מ'האָט זיך ניט גענומען האָט זיך גע־פּיהלט פּסח'דיג . . . צוערשט האָט מען גע־לאָזען כשר'ן די מיהל. דערנאָך האָט מען אַרויסגענומען די טאָפּעלע פענסטער, דער־נאָך האָט מען געשטעלט בוראַקעס צום זייער'ן, און געלאָזען באַקען מצה און בעשטעלט אַנציג־לאַך פאַר די קינדער, און ווען עס איז געבלי־בען צו פּסח נאָך דריי וואָכען, האָט מען אַוועק־געזעצט צוויי הינער צום איינקאַרמענען. און אָט וועגען דעם האָב איך עס געוואָלט דער־צעהלען.

איינגעזעצט האָט מען איינע אַ גרויסע, אַ גאַלאַגאַנסקע, מיט גראָבע־הויכע פיס, אַ לאַנ־גע האַלז, אַ שמאָל־שפּיציג קעפּיל, אָהן אַ סימן פון אַ קאַם, אַ מאָגערע, נאָר עס איז געווען אויף וואָס אָנצונעהמען פלייש . . . די צווייטע איז געווען אַ פּראָסטע, ניט קיין גרויסע, אין גאַנצען געל ווי וואַקס, מיט גוטע קניידלאַך אונטער די פּליגעל. פּעט האָט זי שוין ניט געהאַט וואָס צו ווערען. מ'האָט נאָר בע־דאַרפט זעהן זי זאָל ניט אָבקומען.

איינגעזעצט האָט מען זיי אין אַ שטילען אָרט אין שפּייכלער אין אַ שטייג, אַוועקגע־שטעלט וואַסער און אַ שיסעלע פּראָסע, און אַ גרויסע שיסעל קניידלאַך, אָנגעריבענע קאַרטאָפעל און מעהל . . . אָבגעזאָגט אַ שפּריכוואָרט, פּערמאַכט דעם שפּייכלער, זיצט, עסט און לאָזט זיך וואָהל געהן. די טעג אַר־בייט מען פּיעל. די נעכט זיינען פּראָסטיגע, געזונטע און פרישע, שלאָפט מען אָפּ די גאַנצע נאַכט אויף איין זייט, און אין דער פריה איי־דער מ'נעהמט זיך צו עפּיס — געהט מען זעהן וואָס אין שפּייכלער טהוט זיך, ווי האָבען זיי גענעסען? צוגיסען וואַסער און צושיטען פּראָסע. געהט מען צו צום שטייג, שטיל, מ'זעהט קיינעם ניט, זעצט מען זיך אַראָב אַ קוק טהון, אין שפּייכלער איז דונקעל, טיעף אין שטייג אין פּערשלאָגען ווינקעל וורושעט זיך עפּיס, טהוט מען אַריין די הענד און מ'נעהמט אַרויס די גרויסע הון ניט טויט ניט לעבעדיג. די צווייטע איז ניטאָ. און אַז מ'האָט אָנגעהויבען שטאַרק זוכען און אַרום־קוקען האָט מען געפונען פּעדער'ן אַרום שטייג און אין שטייג צייכענס פון בלוט . . .

— — — — — — — — — — — —

אין דער מינוט האָט אונז אַלעמען איין געדאַנק אַרומגענומען. מ'מוז עפּיס טהון. דאָס איז געווען איבערצולייענען ביי אַלעמען אויף די פּנים'ער ווען מ'האָט בעטראַכט די פּעדער'ן און סימנים פון בלוט . . . נאָר וואָס זאָל מען טהון? און עס איז געבליבען מ'זאָל שטעלען אַ לאַוואָושקע. אַ לאַוואָושקע האָט מען געקראָ־גען צו באָרגען ביי בעריל דעם רופא. דאָס איז אַ איד וואָס האָט די בעסטע בעל־הבית'ש־קייט אין שטעדטיל, די ערשטע פּלוים און די שעהנסטע באַר. און איהר געפינט ביי איהם אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו בעל הבית'שקייט, נאָר קריגען ביי איהם עפּיס לייען איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען, ווייל ער איז געווען אַ פּע־דאַנט און אַ משוגע'נער.

דאָ האָט ער אַליין אַראָבגעבראַכט די לאַ־וואָושקע. דער גורל איז געפאַלען אויף מיר איך האָב געדאַרפט זיין זיין גייסטיגער יורש. און מען האָט זיך גענומען צום לערנען. צוויי טעג האָט געדויערט דאָס לערנען. מ'האָט גע־שטעלט און פּערמאַכט, ווידער געשטעלט און ווידער פּערמאַכט. אַרום אונז זיינען געשטאַ־נען אַלע שטובישע, שכנים פון גאַס און מענ־שען פון מיהל. איך האָב געהאַט אַ מאָדנעם שטאָלצען געפיהל, וואָס קיין מענש אין דער וועלט טהאָר זיך צו איהר ניט צוריהרען אויסער מיר. נאָר טאָמער האָב איך אַ האָר ניט גע־מאַכט ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער זיך גע־כאַפּט מיט'ן יאַמשאָווען שטעקען. „שייגעץ, האָסט דאָך געקענט אַריינכאַפּען די האַנד! מיט אַ לאַוואָושקע דאַרף מען זיין אָסטאָ־ראַשזנע" . . . ער האָט מיר אַזוי פּיעל אָנ־געאָסטעראַשזנעט, אַז עס האָט מיר געקלונגען אין ביידע אויערן.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען אַ דיפּלאָ־מאַטיע וועגען אַוועקשטעלען, ווי זאָל מען אַוועקשטעלען די לאַוואָושקע, ער זאָל ניט בע־מערקען? . . .

— מ'קען עס מיט עפּיס צודעקען.
— מיט וואָס קען מען עס צודעקען?
— קען זיין מיט פּלעווע.

דאָס אַלץ איז געוואָרען אונטערהאַנדעלט דורך די מענשען פון מיהל, אַ פּאָר שכנים פון גאַס מיט בעריל דעם רופא אין דער שפּיץ.

ווי זשע מאַכט מען אָבער, אַז די פּלעווע אַליין זאָל ניט ווערען פּערדעכטיג? דערצו איז דאָ איין עצה: מ'זאָל עס אָנשיטען פּאָר־זיכטיג ביסלאַכווייס יעדען טאָג, יעדען טאָג. און כך הוה. פון דעם טאָג אָן האָט אָנגעהוי־בען אין שפּייכלער וואַקסען אַ סטעזקע פון פּלעווע פון טהיר ביז'ן שטייג, און אויף יעדער נאַכט האָט מען אַריינגעלייגט אין שטייג איין איי אָדער איין שטיקעל פלייש. דערווייל איז עס געגאַנגען גאַנץ גוט. די אייער און דאָס פלייש זיינען רעגעלמעסיג פּערשוואונדען און די סטעזקע פון די פּלעווע איז געוואַקסען, ביז

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען די הינער האָבען זיך געהאַט צוזעצט אויף די „געזעסען" און אין שפּייכלער האָט אָנגעהויבען דונקעלען, האָט מען עס אוועקגעשטעלט, צוגעבונדען, צוגעדעקט מיט פּלעווע און צוואַנציג מאָל בעטראַכט און אַרומ־געקוקט און צוואַנציג מאָל צוגעגאַנגען און אָב־געגאַנגען, ביז עס איז געוואָרען דורך אַלעמען איינשטימיג אָנגענומען. און כדי מעהר צו פאַר־נאַרען האָט מען אויף דער נאַכט אוועקגעלייגט אַ שטיקעל געקאָכטע פלייש בעשמירט מיט שמאַלץ. דער ריח זאָל זיך ווייט טראָגען. און זיכער אין ערפאָלג, און מאָדנע אויפגערעגט פון דער זיכערהייט, אַז מאָרגען, מאָרגען, וועט ער זיין אין אונזערע הענד, האָבען מיר פערלאָ־זען דעם שפּייכלער. . .

איך געדענק ניט ביי אונז אין שטוב אַזאַ שטילקייט ווי אין יענעם אָוענד. אַלע האָבען געשוויגען און זיך איינגעהערט. געגעסען וועטשערע און געשוויגען. געגעסען וועטשערע און זיך איינגעהערט. געלייענט קריאת־שמע און זיך איינגעהערט. געבעטט די בעטען און געשוויגען. מ'איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און אַז מ'האָט עפּעס געדאַרפט זאָגען האָט מען עס געזאָגט שטיל און גאָר קורץ. מ'האָט געוואַרט עס זאָל זיך הערען אַ קלאַפּ פון שפּייכלער און געוואָלט עס ניט פערהע־רען . . . שלאָפען איז מען געגאַנגען גאַנץ שפּעט און איינציגווייס, ביז דער לעצטער איז אויך איינגעשלאָפען און זיך ניט דער־וואַרט . . .

אין דער פריה אַז מ'האָט זיך נאָר אויפ־געוועקט איז ביים ערשטען בעגעגעניש געווען די פראַגע: „נו? . . ." און ווייל די פראַגע איז געווען גלייך ביי אַלעמען, און ענטפער'ן האָט קיינער ניט געקענט, האָבען זיך אַלע געגעבען אַ לאָז צום שפּייכלער זעהן וואָס דאָרט איז . . .

וואָס מיר האָבען דאָרט דערזעהן איז זיך שווער געווען פאָרצושטעלען. דאָס איז אויסער אַלע ערוואַרטונגען און שטייגט איבער יעדע פאַנטאַזיע: די לאַוואושקע איז געווען פאַר־מאַכט, און אין איהר? . . . און אין איהר איז גאָר ניט געווען. זי איז געווען אין גאַנצען ליידיג . . .

מיר זיינען געשטאַנען ווי געלעהמט און ניט געקענט אַרויסרעדען אַ וואָרט. דערנאָך האָט אימיצער געשיקט אַ קללה. אַלע זיינען מיט דער קללה געווען איינשטימיג, נאָר גע־פיהלט האָט זיך אַז דאָס איז אַ קללה פון אַ שוואַכען, פון אַן אונבעהאָלפענעם. מיר האָט עס פון פערדרוס פאַרקלעמט ביים האַרצען. ביי מיר אַבי עפּיס, כאַפּט מיר באַלד ביים האַרץ . . .

— — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער, אַז די געשיכטע איז געוואָרען בעהאַנדעלט דורך דעם עולם, זיינען וועגען דעם אַרויסגעזאָגט געוואָרען עטליכע סברות. איין סברה איז געווען, אַז עס האָט איהם געקענט אַריינכאַפּען איין אַ פּיסעל אָדער דעם עק, נאָר ער האָט עס אַרויסגעשלעפּט. מן הסתם איז די ספּראַנזשינע צו שוואַך... פאַר אַזאַ סברה האָט בעריל דער רופא זיך געכאַפּט שלאָ־גען . . .

נאָך אַ סברה איז געווען, אַז אויף דעם ברעטעל, וועלכע מ'דאַרף אַנריהרען כדי די לאַ־וואושקע זאָל זיך פאַרמאַכען, איז אַנגעטראָטען אַ מייזעל, האָט זיך עס פערמאַכט און דער מייזעל ניט פערצעפּעט.

און די לעצטע סברה איז: אַז עס האָט זיך פראָסט פערמאַכט פון זיך אַליין. ווי אַזוי פראָסט פון זיך אַליין? — אָט ווי אַזוי: ביי־נאַכט איז געווען אַ פרעסטעל, און אַז אַ פוהר איז שנעל פאַרבייגעפאָהרען, האָט זיך אַ טרע־סעל געטהון דער שפּייכלער, מיט'ן שפּייכלער די פאַדלאָגע, מיט דער פאַדלאָגע די לאַוואושקע און עס האָט זיך פאַרמאַכט . . .

וועלכע סברה עס זאָל ניט זיין די ריכטיגע, איז איין זאַך קלאָר געווען, אַז אין דער שפּיעל האָבען מיר פערלאָרען . . .

זעקסטער קאַפּיטעל.

אַ מענש מיט אַ מעשה ווייסען קיין מאָל ניט מיט וואָס זיי וועלען ענדיגען.

למשל, וואָס וואָלט איהר געטהון אויף מיין אָרט? איהר וואָלט געוויס אַ שפּיי געטהון אין דער זייט, אָבגעווישט די ליפּען און געזעהן וואָס גיכער עס צו פערגעסען. ביי מיר איז אָבער אַזוי ניט געווען. איך בין אַ פערביסע־נער, הלוואי וואָלט איך עס ניט געווען, און טרעט ניט אָב אַזוי גיך . . . אין אָווענד איז די לאַוואושקע ווידער געשטאַנען פערשאַטען מיט פּלעווע, אַוועקגעשטעלט אַ שטיקעל פלייש, פּונקט ווי עס איז גאָר ניט פּאָרגעקו־מען, — צו וואָס איך האָב עס געטהון ווייס איין גאָט . . . און אויף מאָרגען האָב איך איהר געפונען — פערשטעהט זיך — פּונקט ווי איך האָב זי אַוועקגעשטעלט און צוגעמאַכט. אויף איבער־מאָרגען ווידער דאָס זעלבע. אַזוי טאָג אויף טאָג. אין אָבענד געשטעלט און אין דער פריה פערמאַכט, דאָס איז פון מיר געווען אַ מאָדנע נאַרישע פערביסענקייט, ווי אַ קליין קינד, וואָס קלאַפּט זיך אָן אין אַ שטיין און שלאָגט דערנאָך דעם שטיין, ביז דאָס הענטעל הויבט אָן איהר וועה טהון . . .

ווער ווייס ווי לאַנג עס וואָלט זיך גע־ווען אַזוי ציהען, ביז עס האָט ניט געטראָפען דאָס, וואָס עס האָט געמוזט טרעפען . . . ווי געזאָגט פלעג איך יעדען אין דער פריה די לאַ־וואושקע צומאַכען. געטהאָן האָב איך עס כדי

אויסצומיידען א געפאהר, טאמער קומט ווער
אריין, און דער עקר פאר די הינער. ווייל עס
איז געווען איין ארט דורך וואנען זיי האבען
געקענט אין שפייכלער אריין און ארויס. שבת
טהאר מען די לאוואשקע ניט צומאכען. דעק
איך זי איבער מיט א זיפ אדער א רעשעטע.

פאלט אויס ערב פסח שבת. אין שטוב
איז א בהלה. דער טאטע רייסט אונז פון די
בעטען און טרייבט דאוונען. נאך דריי פער־
טעל ניין טהאר מען ניט עסען קיין חמץ. פער־
געס איך דאך אן שפייכלער מיט דער לאוואש־
קע. קומענדיג פון דאוונען איז די מהומה נאך
גרעסער. צו דריי־פערטעל ניין פעהלט אין
גאנצען צוואנציג מינוט. דעם חמץ האט מען
ביסלאכוויים ארויסגעשטופט פון שטוב. ערשט
האלט ער שוין אין קיך ביי דער טהיר. דער
טאטע איז אויפגעראמט און קאמאנדעוועט.
צום עסען איז דא ניט פיעל און ניט ווייניג.
טשאלענט האט מען געשטעלט אין פסח'דיגען,
קארטאפיל מיט פלייש. דאס וועט מען ארויס־
נעהמען שפעטער. ערשט בייסט מען נאר צו.
עס זיינען דא קובענס מיט קיכלעך, מילכיגע
און פארווע, צו וועלכע מ'דארף זיך ניט וואַ־
שען. פלאדען נאך פון פורים ; ווישניאק
מיט סלאיעס איינגעמאכטס, און מ'דארף עס
אלין אויפעסען, אניט ווארפט מען ארויס, —
די מאמע האט א נאטור, אז זי פרעגעלט איינ־
געמאכטס ווינשט זי מ'זאל עס עסען גע־
זונד. נאר א גאנץ יאהר האט מען נאך ביי
אונז געזונדערהייד קיין איינגעמאכטס ניט גע־
געסען . . .

צו די דריי־פערטעל־ניין פעהלט שוין אכט
מינוט. איך האב געכאפט א קעלעשאק וויש־
ניאק און עס דרעהט זיך מיר דער קאפ. פלוצים
האט זיך פון שפייכלער דערהערט א קנאק ווי
פון א פוסטען פיסטאל. איין רגע איז מען גע־
בליבען זיצען מיט דעם עסען אין מויל, נאר
באלד איז מען צו זיך געקומען און אלע האבען
זיך געגעבען א שאט צום שפייכלער.

און דארט האט זיך פאר אונזערע אויגען
פארגעשטעלט אזא בילד : אין לאוואשקע
איז געשטאנען א הון געכאפט ביי איין פיסעל.
דאס פיסעל איז געווען איבערגעבראכען אונ־
טער דער קניע און האט זיך נאר געהאלטען
אויף איין אדער. די אויגען זיינען ביי איהר
געווען האלב פארמאכט ווי פון א זון־שלאג. זי
האט זיך לאנגזאם געשאקעלט און אלץ געצווי־
גען דאס שטיקעל פיסעל, מיינענדיג, אז זי וועט
איהר בעפרייען . . .

וואס מיט מיר איז אין דער מינוט פאר־
געקומען, קען איך זיך עד היום ניט אבגעבען
קיין רעכנונג. עס האט מיר פלוצים פאר־
קלעמט ביים הארצען, און באלד האב איך דער־
פיהלט אין האלז ווי איינגעשטאפט דערשטיקט
צו ווערען, און פון האלז איז מיר ארויף אין
די אויגען. זיי זיינען געווארען ווי מיט עפעס
פארצויגען, אז איך האב גאר ניט געזעהן וואס
ארום מיר האט זיך געטהון, און פלוצים האט
דער טאטע מיט א געמאכטען פרעהליכען טאן
א וויז געטהון, און אלע האבען זיך אויף מיר
פערקוקט : „נאט קוקט, דער בחור וויינט
דאך !"

— איך וויין ניט — האט איך חוצפה'דיג
און מיט א געוויין אויסגעבראכען, און ארויס־
געלאפען פון שפייכלער . . .

* * *

קיין זאך אין דער וועלט געהט ניט פער־
לארען, און יעדע בעשעפעניש האט זיך איהר
סוף וועלכער איהר איז אנגע'חתמ'ט . . .

אוועק איז דער זומער, נאכ'ן זומער ווי עס
פיהרט זיך — א הערבסט. דער ווינטער האט
זיך געשטעלט א פריהיגער. פון חצי כסלו איז
געלעגען א טרוקינער שנעע. איינמאל אין דער
פריה געהט ארויס בעריל דער רופא צו די
בהמות און בעמערקט א שליאד אויפ'ן גארטען
צום שייער צו. מאכט ער ניט קיין לאנגע
שהיות און אויף דער נאכט איז שוין געשטאַ־
נען די לאוואשקע צוגעבונדען מיט א שטריקעל
צום פלויט, בעקראפעט מיט שנעע, און אוועק־
געלעגט א שעהן שטיקעל געזנזענס — און פער־
טיג . . . ער איז דא ! ווען די ידיעה האט דער־
לאנגט צו אונז, און מיר זיינען אהין אוועקגע־
לאפען זיינען שוין א האלבע גאס מענשען
ארום איהם געשטאנען. ער האט נאך געלעבט.
געכאפט איז ער געווארען ביי די צוויי פאָ־
דערשטע פיסלאך. זיי האבען שטארק געבלו־
טיגט, ער האט זיך נישט געריסען. ער האט
נאר זייטיג געקוקט אויף דעם עולם און האט
געציטערט. עס איז איהם געווען קאלט. די
ווינטערדיגע האר זיינען שוין אויף איהם גע־
ווען. פון כעס און ווייטאג זיינען זיי גע־
שטאנען און האבען א פראכטפאלען אויסזעהן
געהאט, ווי א גאלדען טעפיך בעשפריצט מיט
זילבער.

איך וויים ניט פאר וואס, דער גאנצער
כעס וואס עס האט זיך ביי מיר צו איהם יאה־
רען אנגעקליבען, — איז אין איין מינוט פער־
שוואונדען, — א אידישער גזלן. — אין דער
מינוט האט מיך נאר איין געפיהל ארומגענו־
מען. דאס איז דער געפיהל פון רחמנות :
„פאר וואס ער מאטערט זיך" . . . דעם זעלבען
געפיהל האבען געהאט אלע וואס זיינען גע־
שטאנען ארום איהם. נאר קיינעם האט זיך
ניט געהויבען די האנד צו געבען איהם מיט
עפיס איבער'ן קאפ און מאכען א סוף צו דעם
מאטערנעש . . .

דר. אסתר לוריע

דער רויטער קרייץ

די סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציאָן שפּיעלט אין צייט פון א מלחמה זעהר א גרויסע ראָלע. זי קען בעדייטענד פערקלענערען די צאָהל פון די טויטע, ווען זי איז ריכטיג איינגעאָרדענט און איז צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען, אין וועלכע די מלחמה פיהרט זיך.

די בעדייטונג פון אזא אָרגאַניזאַציאָן האָבען אנערקענט שוין מיט טויזענדער יאָהר צוריק די פּערסער און די רוימער. שוין אין די עלטעסטע צייטען האָבען פערשיעדענע פעלקער אויסגעפונען, אז כדי די סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציעס זאָלען ווירקליך האָבען א בעדייטונג, מוזען אין צייט פון א מלחמה די פיינדליכע פעלקער שליעסען צווישען זיך אַן אָבמאַך. אזא אָבמאַך האָט מען אנגערופען קאַרטעל אָדער קאַפּיטולאַציע. איינצעלנע פיינדליכע פעלקער פלעגען שליעסען צווישען זיך אין צייט פון א מלחמה א קאַפּיטולאַציע מיט א בעשטימטען צוועק; שליעסען א קאַפּיטולאַציע, צום ביישפּיעל, אויסצובייטען זייערע געפאַנגענע, אָדער א צייטווייליגען וואַפענשטילשטאַנד צוליעב סאַניטאַרע איינריכטונגען פאַר די פערוואונדעטע. מען פלעגט שליעסען א קאַפּיטולאַציע ווענען די פּרעמדע געסט, וואָס געפינען זיך אין די קוראָרטען פון די פיינדליכע פעלקער. דיעזער אָבמאַך פלעגט פערהיטען די פּרעמדע פון א שלעכטער בעהאַנדלונג (ווי אזוי ווערט דער פּונקט אויסגעפיהרט אין דער היינטיגער „ציוויליזירטער" מלחמה!) אויף צוליעב פיעלע אַנדערע פּונקטען פלעגען זיך פעראייניגען די פיינדליכע פעלקער. ביז 1864, ד. ה. ביז וואַנען מען האָט געגרינדעט דעם אמת'ען רויטען קרייץ, זיינען געוועזען געשלאָסען 291 אזעלכע אָבמאַכען.

אין אַלע דיעזע אָבמאַכען האָט אָבער געפעהלט א פעסטער פּרינציפּ, א שטאַרקע איינהייטליכע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ארומנעהמען די סאַניטאַרע הילפע אין אַלע איהרע נויטיגע פּונקטען. אין יענע סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציעס, צום ביישפּיעל, פלעגען די דאָקטוירים ניט האָבען קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס. און ווען מען פלעגט דעם דאָקטאָר נעהמען געפאַנגען, האָט מען פאַר איהם געפאָדערט אויסלייז־געלד. אויך האָט אין יענער צייט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין פון אזא מין סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס זאָל זיך אין פריעדליכע צייטען פּאָרבערייטען צו איהרע ערנסטע אויפגאַבען.

א נייע עפּאָכע הויבט זיך אָן אין דער געשיכטע פון דער סאַניטאַרער אָרגאַניזאַציאָן אין יאָהר 1743, זייט דעם אָבמאַך צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין דיעזען אָבמאַך האָט מען צום ערשטען מאָל אַנערקענט, אז די פעלד־האָספּיטעלער דאַרפען געשאָנעוועט ווערען פון פיינד. ניט קוקענדיג אָבער אויף דיעזען פאָרטשריט, איז די סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציאָן נאָך אַלץ געשטאַנען אויף א גאַנץ נידריגער מדרגה. די אונפאָלקאָמענהייט פון די סאַניטאַרע איינריכטונגען האָט זיך שטאַרק ארויסגעוויזען אין 19טען יאָהרהונדערט. די ענטוויקלונג פון דער טעכניק האָט פערגרעסערט די חורבונות פון מלחמה. די נייע מאָרד־געצייג האָבען שוין געמאַכט אין דעם חיל אזעלכע פערוויסטונגען, פון וועלכע מען האָט אין די אמאָליגע צייטען גאָר ניט געהאַט קיין פאָרשטעלונג. אזוי האָט די אונפאָלקאָמענהייט פון דער סאַניטאַרער אָרגאַניזאַציאָן פעראורזאַכט א סך צרות און דער קריעמער מלחמה (1853-1856. רוסלאַנד געגען טערקיי, ענגלאַנד און פראַנקרייך). א גרויסען טהייל פון די קרבנות האָט אויסגעלייגט די כאָלערא. און די מגפה וואָלט אזוי שטאַרק ניט געבושעוועט, ווען די סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציאָן וואָלט געווען בעסער אוועקגעשטעלט.

דער טרויעריגער פאַקט האָט זיך ארויסגעוויזען ניט נור אין האַלב־ווילדען רוסלאַנד, נור אויך אין אזא קולטורעלען לאַנד, ווי ענגלאַנד. עס האָט זיך ארויסגעוויעזען, אז פון יעדע 100 מאַן זיינען גאַנצע 60 אויסגעשטאָרבען, ניט נעהמענדיג גאָר דאביי קיין אנטייל אין דער שלאַכט. זיי זיינען געשטאָרבען פון קראַנקהייטען. די ענגלישע צייטונגען פלעגען ניט אויפהערען צו אַגיטירען פאַר בעסערע סאַניטאַרע בעדינגונגען, און מען האָט אנגעהויבען אָרגאַניזירען פּריוואַטע סאַניטאַרע הילף.

די אויפזעהערין פון דער פּריוואַטער סאַניטאַרער קאָמיסיע איז געווען מיסס ניגלינגייט. זי האָט צוגעצויגען צו דער ארבייט 50 איבערגעבענע מיטהעלפערינס. אָט דיזע סאַניטאַרע קאָמיסיע איז רייך בעזאָרגט געוואָרען פון דער געזעלשאַפט מיט געלד און אַנדערע נויטיגע מיטלען. די רעזולטאַטען פון דעם אַלעם זיינען געווען זעהר גרויס. די שטערבליכקייט איז אויף א וואונדערליכען אופן פערקלענערט געוואָרען — אויף הונדערט פלעגען שטאַרבען נור 2-3 מענשען.

דער חורבן פון דער קרימער מלחמה האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געצוואונגען די פעלקער אין

גאַנצען איבערצובויען די סאַניטאַרע אָרגאַני־
זאַציאָן. און ערשט מיט דעם בלוטיגען קאַמפּף פון סאָלפערינאָ (1859, סאַרדיניען און פראַנקרייך געגען עסטרייך) הויבט זיך אָן די נייע שוין דערוויל די לעצטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער סאַניטאַרער אָרגאַניזאַציאָן. דער קאַמפּף אין סאָלפערינאָ האָט געדויערט 15 שעה. אין איהם האָבען זיך בעטייליגט 300.000 מאַן, פון וועלכע איבער 210.000 זיינען געפאַלען (צוזאַמען מיט די פערוואונדעטע). פאַר אַזאַ בלוטיגע הריגה איז די ביז אַהעריגע סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציאָן געווען אין גאַנצען אונבעהאָלפען. מען האָט גערופען צו הילף וועמען נור מען האָט געפונען אונטער'ן האַנד: 2 ענגלישע טוריסטען, אַן איטאַליענישען גייסטליכען, 3־4 נייגעריגע רייזענדע, אַ פּאַריזער זשורנאַליסט, אַ בעלגישען סוחר — און אינטערנאַציאָנאַלע סאַניטאַרע הילף!

דער גענפער ארצט דיונא האָט אָנגעשריעבען זיין בעריהמטע בראָשורע וועגען דיזער שלאַכט. ער האָט געשילדערט מיט די שרעקליכסטע פארבען די לאַגע פון די פערוואונדעטע; פיעלע זיינען געבליבען אויפ'ן שלאַכט־פעלד 6 טעג אָהן הילפע. און נאָך די אַלע שילדערונגען פיהרט ער אויס: „ווען עס וואָלטען עקזיסטירט אינטערנאַציאָנאַלע הילפס־פעראיינען, ווען מיר וואָלטען געהאַט פריוויליגע קראַנקענפלעגער, וואָלטען מיר געקענט זעהר פיעל אויפטהאָן; ווען מיר וואָלטען געהאַט טראַנספּאָרט־מיטעל, וואָס וואָלטען אונז געגעבען אַ מעגליכקייט שנעל אויסצוגעפינען די פערוואונדעטע אויפ'ן שלאַכט־פעלד און זיי אין צייט צו אָפּערירען — ווי פיעל וואָלטען מיר געקענט ראַטעווען מענשליכע לעבענס! איין איבעריגע שטונדע קען דעם פערוואונדעטען קאָסטען דאָס לעבען. די הילף דאַרף זיין אָרגאַניזירט, שנעל, צו דער ריכטיגער צייט. מען דאַרף האָבען פלעגער, פריוויליגע פלעגער מיט אַ נויטיגער פאָרבערייטונג. מען מוז זיך ענערגיש ווענדען צו דער געזעלשאַפט, וועיל נור מיט איהר הילפע קענען מיר דאָ וויכטיגעס אויפטהאָן. מען מוז שיקען אַ בקשה צו יעדען איינציגען אין אַלע לענדער, צו מענער און פרויען פון יעדער געזעלשאַפטליכער שטעלונג: צו דער פּרינצעסין, צו דער אָרימער אלמנה, צו יעדען מיטפיהלענדען מענשען. די פיהרער פון די איינצעלנע לענדער זאָלען זיך דאַן צוזאַמענקומען און אויסאַרבייטען אַן אינטערנאַציאָנאַלען פּרינציפּ און שליסען צווישען זיך אַן אָבמאַך".

דיונא פאָדערט אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציאָן פאַר די פערוואונדעטע, וואָס זאָל זיין געבויט אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען פּרינציפּ. זיין אויפגאַבע האָט ער זיך געסטאַרעט דורכצופיהרען אין לעבען. צו דיזען צוועק איז ער געוועזען אין פיעלע לענדער, אַניטירט אין קעניגליכע פּאַלאַצען, אין דיפּלאָמאַטישע קרייזען, אין פערשידענע קרייזען פון דער געזעלשאַפט. אויך שריפטליך האָט ער געפיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע. די גענפער רעגיערונג האָט איהם געהאָלפען אין זיין אַרבייט, און איהם איז עס ענדליך געלונגען צוזאַמענרופען אין יאָהר 1864 אַ קאָנגרעס.

אין קאָנגרעס האָבען אַנטהייל גענומען פאָרשטעהער פון 16 מלוכות, וועלכע האָבען אויסגעאַרבייט אַ קאָנווענציאָן (אַן אָבמאַך). די קאָנווענציאָן האָבען אונטערגעשריעבען פאָרשטעהער פון 12 מלוכות. דער סימבאָל פון דער סאַניטאַרער אָרגאַניזאַציאָן איז געוואָרען דער רויטער קרייץ. מיט דיזעם סימבאָל האָט מען געוואָלט אָבגעבען כבוד דער שווייצאַרישער רעפּובליק, וועלכע האָט אייגענטליך געגרינדעט די נייע סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציע. דער סימבאָל פון דער שווייצאַרישער רעפּובליק איז אַ ווייסער קרייץ אויף אַ רויטען גרונד. דעם סימבאָל האָט מען אומגעקעהרט: אַ רויטער קרייץ אויף אַ ווייסען גרענד. דיזעם סימבאָל האָבען אויך אָנגענומען די ניט קריסטליכע נאַציאָנען, וואָס זיינען געווען אויפ'ן קאָנגרעס. דעם רויטען קרייץ האָט בענוצט יאַפּאַן אין דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה. טערקיי נור בענוצט, אַנשטאַט אַ רויטען קרייץ, אַ רויטע האַלבע לבנה.

דער גענפער אָבמאַך געהט אַרויס פון דעם פּרינציפּ, דאָס דעם פיינד דאַרף מען אַנטהאָן נאָר אַזוי פיעל שאַדען, וויפיעל דאָס איז אונבעדינגט נויטיג פאַר'ן קריעג, און דערפאַר טאָר מען ניט בעטראַכטען די פערוואונדעטע פאַר פיינד, און מען מוז פאַר זיי זאָרגען. כדי די הילף זאָל זיין אַ ראַציאָנעלע, מוז מען וועגען דעם שוין טראַכטען אין צייט פון שלום. צו דיזעם צוועק מוז מען גרינדען אין אַלע לענדער פעראיינען, וועלכע פאָרבערייטען זיך צו העלפען די פערוואונדעטע. די פעראיינען פון רויטען קרייץ דאַרפען צושטעלען אין צייט פון אַ מלחמה פריוויליגע קראַנקענפלעגער, בעזאָרגען טראַנספּאָרטמיטלען און איינריכטען האָספּיטעלער. אַ צענטראַל קאָמיטע מוז אין יעדען לאַנד פעראיינינגען די איינצעלנע פעראיינען פון רויטען קרייץ. דער צענטראַל קאָמיטע מוז אָבער זיין אין יעדען לאַנד פעראייניגט מיט דער רעגיערונג, כדי מען זאָל קענען בעסער צופּאַסען די הילף צו די מיליטערישע בעדירפניסען. דער רויטער קרייץ פון אַלע לענדער שיקט דעלעגאַטען אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, וואו מען בעקענט זיך מיט די ערפאַהרונגען פון די פעלקער, וואָס האָבען געפיהרט מלחמות. דורך דיזע ערפאַהרונגען זיינען די קאָנגרעסען געצוואונגען אָנצונעהמען נייע רעזאָלוציעס, נייע פערבעסערונגען.

מיט דעם גענפער קאָנגרעס האָט אָנגעפאַנגען צו עקזיסטירען דער רויטער קרייץ. זעהר

וויכטיג איז דער פונקט פון דעם גענפער אָבמאַך, לויט וועלכען מען דארף דעם פערוואונדעטען פיינד ניט מעהר בעטראכטען פאר א פיינד, נאָר מען מוז איהם ערקלערען פאר נייטראל. (אויך אין היינטיגער מלחמה ווייסען מיר, אז די דייטשען בעהאַנדלען די פראנצויזישע און ענגלישע פערוואונדעטע, ווי זייערע אייגענע פערוואונדעטע.) פאר נייטראל דארפען בעטראכטעט ווערען אויך די לאזארעטען און די איינוואָהנער, וועלכע האָבען ביי זיך פערוואונדעטע. ארום דעם פונקט האָבען זיך געדרעהט די דעבאטען פון גאנצען קאָנגרעס.

דער גענפער קאָנגרעס האָט געגרינדעט דעם רויטען קרייץ, וועלכער האָט געדארפט אין די צוקינפטיגע מלחמות אָרגאַניזירען די סאַניטאַרנע הילף פיעל בעסער, ווי עס איז געוועזן ביז אהער.

אונאבהענגיג אָבער פון דעם גענפער קאָנגרעס האָט זיך געבילדעט אין אמעריקא א נייער אופן פון סאַניטאַרער הילף. דאָס איז פאָרגעקומען אין צייט פון דעם בירגער־קריעג. דער אויסגעבראָכענער קריעג (1861—1865) האָט ארויסגערופען א בעדירפניס צו א גוטער סאַניטארער אָרגאניזאציע. די אַרבייט איז געווען זעהר א שווערע. פריהער ווי אַלץ האָט מען געדארפט קעמפפען פאר דער עקזיסטענץ פון א פריוואַטער סאַניטאַרער אָרגאַניזאַציאָן. די רעגיערונג האָט ניט געוואָלט צולאָזען קיין פריוואטע הילף. די מיליטער־בעאַמטע האָבען ניט געוואָלט געבען די נויטיגע ידיעות וועגען דער לאַגע אויפ'ן שלאכט־פעלד. די טהוער אָבער האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען. די פרעסע האָט זיי געהאָלפען, און ענדליך האָט די רעגיערונג געמוזט נאָכגעבען. עס האָבען זיך באַלד געגרינדעט 2 קאָמיסיעס: איינע האָט געדארפט ווערען בעקאַנט מיט דער סאניטארער לאַגע פון די מיליטער, די אַנדערע האָט זיך פערנומען מיט די נויטיגע רעפאָרמען. די אַרבייט איז געווען א קאָלאָסאלע. אין דער צייט פון דער מלחמה האָבען זיך געגרינדעט 32000 קאָמיסיעס. מען האָט אויסגעבויט האָספּיטעלער (פריהער האָט מען די קראנקע געהאַלטען אין שולען, קירכען. געוויס קענען די דאָזיגע געביידעס ניט זיין אזוי בעקוועם ווי ספּעציעלע לאזארעטען.) מען האָט געגרינדעט אייזענבאַהן־האָספּיטעלער מיט ספּעציעלע בעטען, וואָס האָבען נעגעבען די מעגליכקייט בעקוועם איבערצופיהרען די פערוואונדעטע און זאָרגען פאר זיי אין וועג. מען האָט אויך געגרינדעט שיפען־האָספּיטעלער, וועלכע גיבען די מעגליכקייט אריבערצופיהרען די קראנקע איבער'ן ים. בכלל האָט מען אויפגעבויט אין פערשיעדענע ערטער 214 האָספּיטעלער מיט 130.000 בעטען, צווישען זיי 2 גרויסע האָספּיטעלער—איינער מיט 12000 און דער צווייטער מיט 5000. היגיעניש זיינען אפילו בעסער די קלענערע האָספּיטעלער, אָדער מען האָט ניט געהאַט אזוי פיעל פלאַץ.

די סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציע האָט אויך געזאָרגט פאר דעם, אז מען זאָל געבען די נויטיגע ידיעות וועגען די טויטע און פערוואונדעטע צו זייערע קרובים. צו דיעזען צוועק האָט יעדער סאָלדאט געהאַט אויפ'ן האַלז א שטיקעל פּאַרמענט, וואו עס איז געווען אָנגעשריעבען זיין נאָמען און דער אַדרעס פון זיינע קרובים.

די אַרבייט פון דער אַמעריקאַנער סאַניטאַרער הילף האָט אַרויסגערופען בעוואונדערונג פון דער גאנצער וועלט און איז געוואָרען א מוסטער פאר'ן אייראָפּעאישען רויטען קרייץ. אויף דער פאריזער אויסשטעלונג פון 1867 איז געווען אַן אבטהיילונג פון דער אמעריקאנער סאַניטאַרער הילף. די אַמעריקאנער האָספּיטעלער, מעדיקאַמענטען, נאַהרונגסמיטעל זיינען גרינדליך שטודירט געוואָרען פון די אייראָפּעאישע דאָקטוירים און אַלע האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערען פון דער אויסגעצייכענטער איינריכטונג.

נאָך דער פאריזער אויסשטעלונג איז אין פאריז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון רויטען קרייץ, און די אַמעריקאַנער סאַניטאַרע איינריכטונג איז דאָ צוגעשטאַנען צום אינטערנאַציאָנאַלען רויטען קרייץ און אויך אנערקענט דעם סימבאָל פון רויטען קרייץ.

אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעוויעזען, אַז פיעלע מלוכות האָבען ניט דורכגעפיהרט די בעשטימונגען פון רויטען קרייץ — אזוי איז אין דער מלחמה פון 1866 צווישען פרייסען און עסטרייך די הילף געקומען צו שפּעט. דאָס שיקזאל פון די צעהנדליגע טויזענדער פערוואונדעטע עסטרייכישע און פרייסישע סאָלדאטען איז געבליעבען אונבעקאַנט. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויעזען, אז דער גענפער אָבמאַך איז געווען ניט דייטליך אויסגעאַרבייטעט, און מען האָט אַריינגעטראָגען פיעלע נייע פונקטען. די ענדערונגען האָבען געבראַכט גלענצענדע רעזולטאַטען אין דער פרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה פון 1870—1871. דאָס שלאַכט־פעלד פלעגט מען אויסרוימען ניט שפּעטער ווי אין 24 שעה נאָך דער שלאַכט. אין פרייסען, וואו דער רויטער קרייץ איז געווען בעסער אָרגאַניזירט, ווי אין פראַנקרייך, האָבען יעדע 170 זעלנער געהאַט זייער אַרצט. די פעראיינען זיינען געווען גוט בעזאָרגט מיט די נויטיגע מיטלען. אין בערלין האָט מען אויפגעבויט א האָספּיטאל נאָך'ן אַמעריקאנער מוסטער. דער פראַנצויזישער רויטער קרייץ איז געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען מיט דעם פרייסישען. אין די פראַנצויזישע האָספּיטעלער האָט מען גוט בעהאַנדעלט די פרייסישע פערוואונדעטע, און פערקעהרט — אין פרייסישע האָספּיטעלער האָט מען זיך גוט בעגאַנגען מיט די פראַנצויזישע קראַנקע. דער קריעג איז געווען דער ערשטער,

אין וועלכען די נייטראַלע לענדער האָבען געהאָל־פען מיט זייערן רויטען קרייץ. אין דער מלחמה האָט גענומען אנטייל דער שווייצערישער, בעל־גישער, ניעדערלענדישער, ענגלישער, רוסישער, אַמעריקאנישער רויטער קרייץ. דאָס פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלען רויטען קרייץ איז פער־ווירקליכט געוואָרען אין דיעזער מלחמה.

אויף דעם קאָנגרעס אין גענף פון 1906 האָט מען געשלאָסען אַ נייעם אָבמאַך. אין דעם נייען אָבמאַך האָט מען שוין געזעהן אויסצואַר־בייטען די איינצעלנע פּונקטען, בעת אין דעם פריהערינגען אָבמאַך האָט מען הויפּטזעכליך זיך אָפּגעשטעלט אויף'ן אלגעמיינעם פּרינציפּ פון רויטען קרייץ. צו די וויכטיגע בעשליסע פון דיעזען קאָנגרעס געהערט דער פּונקט, דאָס די בעשטימונגען פון דעם קאָנגרעס מוזען אויס־פיהרען אַלע מלוכות, (34 מלוכות געהערען יעצט צום אינטערנאַציאָנאַלען רויטען קרייץ), וועלכע דארפען זיי אויף פערעפענטליכען צווישען די מיליטער.

צו די וויכטיגסטע פּונקטען פון נייען אָב־מאַך געהערט אויך אויסצוגעפינען און פעסטצו־שטעלען די פּערזאָן פון דעם פעראומגליקטען סאָלדאַט.

דער קאָנגרעס האָט בעשלאָסען צו אָרגאַני־זירען אַ ספּעציעלע מלחמה פּאָליציי. איהר אר־בייט בעשטעהט ערשטענס אין היטען, אז די טויטע זאָלען גרינדליך בעטראַכטעט ווערען. דאָס איז אין אַ מלחמה זעהר וויכטיג, וואָרום עס קען זיך לייכט טרעפען, אז מען זאָל בעגראָבען לע־בעדיגע. ווייטער בעשטעהט די אַרבייט פון דער מלחמה־פּאָליציי אין דעם, דאָס זי היט די גע־פאַלענע פון רויבער. אַלע זאַכען, וואָס זיינען געבליבען פון די טויטע, שיקט דער רויטער קרייץ אָב צו די קרובים, פאַר וועלכע יעדע קליי־ניגקייט איז טייער אלס אנדענקען

אויף דעם קאָנגרעס האָט מען אויך אויסגע־אַרבייט איינצעלנע פּונקטען וועגען דער מלחמה אויף'ן ים. די שיף־האָספּיטעלער טאָר מען ניט פערכאַפּען, זיי ווערען ערקלערט פאַר נייטראַל. עס איז אָבער דאָ אַ פּונקט, לויט וועלכען דער פיינד קען פערכאַפּען אַ האָספּיטאַל־שיף, ווען די בעדינגונגען פון דער מלחמה פאָדערן דאָס. די קראַנקע דאַרף מען דאַן זעהען ערגעץ אריבער־צופיהרען. עס קענען אויך פּאַסירען אַזעלכע מאָמענטען, ווען דער פיינד פערכאַפּט די האָ־ספּיטעלער אויף דער יבשה. געוויס פּאַראַלי־זירען אזעלכע פּונקטען די אַרבייט פון רויטען קרייץ. אין צייט פון מלחמה שפּיעלען דאָך די מלאכי חבלה די הויפּט־ראָלע, און דער רויטער קרייץ ווערט אָפט אויפגעאָפּפערט דער מיליטע־רישער טאַקטיק. די פיינדליכע בעציהונגען צווישען די איינצעלנע פעלקער פּאַראַליזירען אויך די טהעטיגקייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַ־לען רויטען קרייץ. אזוי האָבען די ענגלענדער אין 1899 אָבגעזאָגט זיך פון דעם דייטשען רוי־טען קרייץ. דאָס גלייכען אויך די איטאַליענער און ז. וו.

די טהוער פון רויטען קרייץ האָבען פאָר־אויסגעזעהן, דאָס די ענטוויקלונג פון די מאָדער־נע כלי משחית וועט מאַכען זייער אַרבייט אַלץ שווערער. אזוי זיינען די פערוואונדעטע אין דער פאַר־אַ־יאָהריגער באַלקאַנישער מלחמה געלעגען אויפ'ן שלאַכט־פעלד איניגע טעג, ווייל עס איז זעהר שווער געווען אויסצוגעפינען זיי צוליעב די פּאָלקאָמענע ביקסען, וואָס שיס'ען אויף זעהר, זעהר ווייטע שרעקען. און ווי איז דאָס יעצט אין דער היינטיגער „ציוויליזירטער“ מלחמה? ווער ווייס ווי ווייט עס וועלען סטייען די מיטלען פון רויטען קרייץ — און ווי־פיעל אָפּפער, ליידען און טויטען דאָס וועט קאָסטען דער מענשהייט!

מאַני לייב

* * *

מיר האָבען געזאַטעלט זיין פערד.
און שטילע, געזונקענערהייט,
די קעפּ צו דער נאַכטיגער ערד,
אין צער און אין שרעק איהם באַלייט.

צו ער האָט דערפיהלט אונזער שרעק,
צו ער אונזער צער האָט דערזעהן —
אַ שטילער ווי ער איז געווען,
אַ שטילערער איז ער אַוועק.

און ווייט אין דער נאַכט האָט אַ צייט
פון איהם זיך געצויגען אַ שיין
און מיר האָבען נידער אין פּיין
געקניעט פאַר'ן שיין צו דער ווייט.

דערנאָך אַז מיר האָבען געקניעט,
אויף וועגען צוזייהט און צושטערהט,
מיר האָבען פאַרוואָגעלטערהייט
געזוכט פון זיין פערד זיינע טריט.

און מיר האָט אַ זקן דערצעהלט,
אַז גאָט האָט צו אונז איהם געבראַכט
און גאָט האָט פון אונז איהם דערוועהלט,
אַז ער זאָל אַוועק אין דער נאַכט,
אַ טרייסטונג פאַר אונז און דער נאַכט...

ב. גאָרין

די געשיכטע פון אידישען טעאטער

ישראל אקסענפעלד.

Copyright, 1914, by B. Gorin.

דער אייגענאַרטיגער שרייבער, וואָס האָט זיך ניט באנוצט מיט קיינע מאָדעלען.—זיינע פערזאָנען זיינען לעבעדיגער און נאַטירליכער ווי ביי די אַנדערע דראַמען־שרייבער. —דער געפיהל פאַר קונסט־וואַרהייטליכקייט אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט“. —א געמיש פון בעלעטריסט און דראַמען־שרייבער.

נאָך דר. ש. עטינגער פערנעהמט דעם וויכטיגסטען פלאַץ אין דער אידישער דראמע אין דער פאַר־גאָלדפאַדען עפּאָכע ישראל אקסענפעלד.

ישראל אקסענפעלד איז געווען עטוואָס עלטער פון דר. עטינגער און האָט זיין ערשטע דראמע אָנגעשריעבען כמעט אין דער זעלביגער צייט, ווען עטינגער האָט געשריעבען זיין „סערקעלע“, אָבער דיביידע דראמען־שרייבער האָבען נור איין פונקט אין וועלכען זיי בעגעגנען זיך, און דער פונקט איז זייער ליעבע צו אידיש. ווייטער אָבער שיידען זיי זיך אונטער אין אַלץ און ישראל אקסענפעלד איז דער קאָנטראַסט פון דר. עטינגער.

ישראל אקסענפעלד איז געבאָרען געוואָרען סוף אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט אין נעמעראָוו און האָט געשטאַמט פון דער תבואת שור׳ס משפחה. אין די יונגע יאָהרען האָט ער געלערנט גמרא מיט פוסקים, און איז געווען א פערברענטער בראַסלאַווער חסיד, אַ גרויסער מקורב פון דעם רבי׳ן, נחמן בראַסלאַווער.

צו שוין דעמאָלט ווען ער איז געזעסען איבער דער גמרא אָדער געכאַפּט שיריים פון דעם רבי׳ס טיש האָט ער שוין פערשטאַנען פרעמדע שפּראַכען, אָדער די השכלה איז צו איהם אַריינגעדרונגען שפּעטער, נאָר ווען ער איז געוואָרען א יונגערמאַן און גענומען זיך צו געשעפט, האָט ער שוין פערשטאַנען רוסיש, פּויליש און דייטש און צו יענער צייט איז דאָס געווען אַ זעלטענהייט. דאָס האָט איהם געהאָלפען אין זיין געשעפט. אַזוי ווי דעמאָלט זיינען געווען גרויסע מלחמות, האָט ער זיך צוגעשלאָגען צו גרויסע פּאַדריאַדען, איז געוואָרען אַ חשוב ביי קאָמאַנדירס און איז געגאַנגען מיט דער אַרמעע קיין פּוילען און דייטשלאַנד.

דורך זיינע רייזען אין פערשיעדענע געגענדען האָט ער זיך אָנגעהערט און אָנגעזעהן זעהר פיעל, און צוליעב זיין געשעפט איז ער געקומען אין פערבינדונג און בעריהרונג מיט אַ סך מענשען און ער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו שטודירען די מענשליכע נאַטור פון דער ערשטער האַנד. דערצו האָט ער געהאַט אַ מערקווירדיגען זכרון און ער האָט ניט נאָר געדענקט אַלץ וואָס ער האָט געזעהן און געהערט נאָר אויך אַלע אייכצעלהייטען, און ער האָט זיין גאַנץ לעבען געהאַט גענוג שטאָף צו אונטערהאַלטען געזעלשאַפטען מיט אינטערעסאַנטע מעשיות.

שפּעטער ווען די פּאַדריאַדען האָבען זיך געענדיגט האָט ער זיך בעזעצט אין אָדעס און איז דאָרטען געוואָרען נאָטאַר, אַדוואָקאַט און טראַנסלאַטאָר און דערפאַר האָט ער געהאַט זיין חיונה בכבוד.

אין אָדעס איז זיין הויז געוואָרען אַ צענטער פאַר אַלערליי קלאַסען לייטישע מענשען. מיט זיין איבערגאַנג צו דער השכלה האָט ער די בריקען הינטער זיך ניט פערברענט. אין זיין הויז פלעגען זיך צוזאַמענקומען לומדים, געלעהרטע, פרומע, געבילדעטע, רייכע און אָרימע און מען האָט זיך דאָרטען גוט אונטערהאַלטען.

הגם ער האָט געקאָנט גוט לשון קודש און דייטש, רוסיש און פּויליש האָט ער ניט געזוכט בעריהמט צו מאַכען זיך אין אַנדערע שפּראַכען און האָט געשריעבען נאָר אין אידיש. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט געזעהן פיעל און געהערט פיעל און פערשטעהט פיעל און קאָן דאַריבער אַ סך לערנען דאָס פאָלק, וואָס האָט קיין זאַך ניט געזעהן און קיין זאַך ניט פערשטאַנען, און אַזוי ווי דאָס פאָלק פערשטעהט ניט קיין אַנדער זאַך, איז דער לאָגישער שלוס, אַז רעדען דאַרף מען מיט איהם אויף אידיש.

ישראל אקסענפעלד האָט געשריעבען אַ סך, ער האָט געשריעבען דראַמען, ערצעהלונגען, ראָמאַנען, אַרטיקלען, און נאָך זיין טוידט (ער איז געשטאָרבען אין פּאַריז אין 1866) זיינען געבליבען מאַנוסקריפּטען, וואָס האָבען געדאַרפט

פערנעהמען אן ערך פון דריי הונדערט דרוק בויגען. עס איז געווען די איראָני פון שיקזאל, אַז ער וועלכער האָט נאָר געשריעבען צו זיין נוצליך זיין פאָלק און האָט געגאַרט צו לערנען איהם, האָט ניט זוכה געווען צו זעהן זיינע ווערק אין דרוק, און נאָר ביי זיין סוף לעבען, אין 1862, האָבען זיך אָבגעדרוקט זיינע דריי זאכען.

אזוי ווי ער האָט געשריעבען אין דעם משך פון עטליכע צעהנדליג יאָהר און געשילדערט דאָס לעבען פון זיין צייט, האָבען זיינע ווערק בשום אופן ניט געקאָנט דערגרייכען זייער גע־ווינשטען צוועק, ווען זיי זיינען געדרוקט גע־וואָרען, נאָכדעם ווי יענער אַרט לעבען האָט זיך שוין אין גאַנצען געענדערט. אַלעקסאַנדער צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ" און „קול מבשר", ווען זיי זיינען נאָך ארויסגעגאַנגען אין אָדעס, איז געווען אַ פערזענליכער פריינד פון ישראל אקסענפעלד און אין זיין נעקראָלאָג אין „קול מבשר" איבער אקסענפעלד, שרייבט ער, אַז „אַלע זיינע ראָמאַנען און טהעאַטער (דאָס הייסט דראַמען) זיינען אמת'ע מעשיות און די קאראַקטערע דרינען געשילדערט פון מענ־שען, וואָס מען האָט זיי געקענט, נאָר נאַטירליך אַזוי אויסגעשטעלט, עס זאָל פּאַסען, אַז יעדער זאָל דרינען געפינען אַ מוסר און דערקענען די פעהלער פון גאַנצע קלאַסען עהנליכע מענשען."

די דאָזיגע מעשיות און די דאָזיגע כאַ־ראַקטערע זיינען אין עטליכע צעהנדליגע יאָה־רען אַרום געוואָרען אַרכאַאיש, און אויב זיי האָבען אַ ווערטה פון דעם שטאַנדפּונקט פון קונסט, האָט שוין זייער מוסר השכל קיין שום ווערטה ניט געהאַט, ווען יענער סאָרט לעבען האָט זיך אין גאַנצען געענדערט. זייער הויפּט צוועק אויפצוקלערען די פאָלקסמאַסען איז אין גאַנצען פער־לאָרען געגאַנגען.

די אידישע אָדעסער אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט די געלעגענהייט צו לייענען די מאַ־נוסקריפּטען האָבען פון זיי געהאַט גרויס פער־גנינגען און אין 1864, דאָס הייסט צוויי יאָהר פאַר י. אקסענפעלד'ס טויט, האָבען זיך די פאָר־שטעהער פון דעם געבילדעטען קלאַס געווענדט זיך צו דער חברה מפיצי השכלה, אַז זי זאָל ביסלעכווייז ארויסגעבען די דאָזיגע ווערק. און אַזוי ווי פון דער דאָזיגער אונטערהאַנדלונג ווע־רען מיר פערביי געהענדיג געוואָהר וועגען די שטרעבונגען פון די משכילים אין יענער צייט און וועגען דעם צושטאַנד פון דער דאַמאַלסדי־גער אידישער ליטעראַטור, גיב איך דאָ איבער צוליעב דעם היסטאָרישען ווערטה די בקשה פון די פאָרשטעהער פון דער אָדעסער אינטעליגענץ און דעם ענטפער פון דער חברה מפיצי השכלה.

די פאָרשטעהער פון דער אָדעסער אינטע־ליגענץ זיינען געווען דר. שוואַבאַכער, יוסף ראַבינאָוויטש, דר. לעווענזאָהן און דר. פינס־קער. זיי האָבען זיך געווענדט מיט אַ בריעף צום ועד פון דער חברה מפיצי השכלה אין פּע־טערבורג, און דער בעריכט וועגען דעם בריעף לויטעט אזוי :

„ה' שוואבאכער, רובינאָוויץ, פינסקער מאדאסא מציעים לפני הועד לקנות מאת ה' אקסענפעלד שני מאמרים וספורים מחיי היהודים בארץ פולין ורוסיא, כי לדעתם יוכלו החבורים האלו להיות לתועלת רבה לפקוח את עיני המון העם על חסרוניתיהם ומצבם הרוחני. ובהיות כי אקסענפעלד כבר בא בימים ואין ביכולתו להתעסק בהדפסתם, ע"כ נרצה הוא למכרם במחיר ארבע מאות רוב' כמו שהם כתובים מעט תחת הערכת אחד מחבריו".

דאָס הייסט, אַז די דערמאַנטע פאָרשטע־הער פון דער אָדעסער אינטעליגענץ האָבען פאָרגעשלאָגען דעם ועד אבצוקויפען ביי ה' אקסענפעלד צוויי אַרטיקלען און ערצעהלונגען פון דעם אידישען לעבען אין פוילען און רוס־לאַנד, ווייל נאָך זייער מיינונג קאָנען די דאָזי־גע ווערק אַ סך ווירקען צו עפענען די אויגען פון דעם פאָלק אויף זיינע פעהלערען און זיין גייסטיגען צושטאַנד. און אַזוי ווי אקסענפעלד איז שוין אַן אַלטער מאַן און קאָן זיך ניט בע־שעפטיגען מיט'ן דרוקען זיינע ווערק, איז ער צופריעדען צו פערקויפען זיי פאַר דער סומע פון פיער הונדערט רובעל, ווי זיי שטעהען און געהען און דער ועד זאָל זיי לאָזען דרוקען ביסלעכווייז אונטער דער רעדאַק־ציע פון זיינעם אַ מיטגליעד.

דערויף האָט דער ועד געענטפערט אזוי :

22טען אפּריל, 1864.

„על מכתב חברי החברה באדעסא, הרב דר. שוואבאכער, דר. לעווענזאָהן, יוסף ראבינאָוויטש ודר. פינסקער, המציעים לקנות מידי ה' אקסענפעלד את חבוריו בשפת יהודית המדוברת, מצא הועד כי עפ"י סעיף 1 של התקנות הזה ניתן הרשות להחברה להדפיס ספרים רק בשפת עבר ולשון רוסיא ולא בלשון יהודית המדוברת (זשארגאָן) וע"כ יחשוב הועד כי אין לו רשות לצאת מחוג פעולותיו הנגבל ע"י התקנות ולהסכים על הצעת החברים באלה."*)

בקיצור איז דער ענטפער, אַז לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער חברה האָט זי נאָר אַ רעכט צו דרוקען ביכער אין העברעאיש אָדער רוסיש אָבער ניט אין אידיש, און דאריבער קאָן דער ועד ניט אָננעהמען דעם פאָרשלאָג.

אויב עס איז טרויריג צו זעהן, אַז פאַר ווערק וואָס האָט גענומען אַ גאַנץ לעבען צו

*) תולדות חברת מרבי השכלה בישראל בארץ רוסיא, חלק ראשון, 1885.

שרייבען און וועלכע די אידישע אינטעלעגענץ האָט געפונען וויכטיג אין אלערליי הינזיכטען, האָט זיך ניט געפונען קיין בעלן צו בעצאָהלען אזא לעבערליכע סומע, ווי פיער הונדערט רובעל און דרוקען זיי, רעדט עס פון דער צווייטער זייט זעהר פיעל פאר אקסענפעלד'ס טריישאפט און איבערגעבענקייט צו דער אידישער ליטעראטור און צום פאָלק, פאר וועלכען ער האָט געשריעבען.

ישראל אקסענפעלד שטעהט אין זיינע דראמען גאַנץ אליין. ער האָט זיי געשריעבען, ווי ער וואָלט געוועזען דער ערשטער אויף דעם פעלד, און האָט קיין מאָל קיין דראמע ניט געזעהן. די געזעצע פון דראמאטישער קונסט זיינען ניט פאר איהם געשריעבען געוואָרען. עס איז אונמעגליך, אַז אזא וועלטליכער מענש ווי ער איז געוועזען, האָט קיין טהעאַטער ניט בעזוכט אָדער אַז ער איז ניט געוועזען בעקאַנט מיט דער דראמאטישער ליטעראטור. ער האָט אָבער דערמיט זיך ניט בענוצט און זיינע דראמען זיינען ארויסגעקומען היימיש געשאַפענע. ער האָט זיך אליין ניט קלאָר געמאַכט דעם אונטערשייד פון א דראמע און אַ נאָוועלע, פון האנדלונג און ערצעהלונג. עס קאָן זיין, אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס איהם האָט זיך אפילו ניט גע'חלומ'ט, אַז אידישע שטיקער וועט מען שפּיעלען אויף א ביהנע. אין אַ הקדמה געשריעבען אין גראמען צו זיין מעלאָדראמע „מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער" שרייבט ער אַזוי:

די אמת'ע מעשה קאָן מען דאָך ניט דערצעהלען
איטליכען באַזונדער,
דעריבער האָב איך עס דאָ באשריבען, לאָזען
עס לייענען אידישע קינדער.
דערצו האָב איך עס נאָך ווי אַ טהעאַטער
געמאַכט,
אף צו לייענען אין אַ קאָמפּאַניע אין אַ ווינטער נאַכט.

ער האָט געשריעבען זיינע דראמען ניט צום שפּיעלען, נאָר צום לייענען, און האָט געברויכט די פאָרמע פון דראמע, כדי מען זאָל עס קאָנען לייענען אין א קאָמפּאַניע. פאר וואָס די פאָרמע פון דראמע איז מעהר צוגעפּאסט צום לייענען אין א קאָמפּאַניע, ווי די פאָרמע פון א ראָמאַן, איז ניט פערשטענדליך. נאָר עס איז קלאָר, אַז ער האָט אפילו ניט געזעהן דעם שאַטען פון האָפנונג, אַז מען זאָל די דראמען שפּיעלען אויף א ביהנע, און ער האָט זיך דאריבער ניט געקימערט וועגען דער פאָרמע. דער עיקר איז געוועזען צו אונטערהאַלטען דעם לעזער און אויפקלערען איהם, ווייזען איהם אַזעלכע זייטען פון לעבען, וואָל ער ווייס ניט און פערשטעהט ניט.

דערפאר אויב די קאָנסטרוקציאָן הינקט אין זיינע דראמען בעזיצט ער אין א העכערער מאס ווי אלע אנדערע פון זיין צייט די קראפט צו צייכענען בילדער אין עטליכע שטריכען. זיינע כאראקטערע זיינען ניט אויסגעגאָסען פון איין שטיק וואָס מען רופט מענש, נאָר יעדער בעזונדער אונטערשיידט זיך פון דעם צווייטען און מען זעהט פאר זיך א מענשען, נאָר א בעשטימטען מענשען מיט א בעשטימטען פּנים, מיט א בעשטימטען דבור, מיט א בעשטימטען הלוך.

דאָס קאָן מען זעהן אפילו פון אזא קליינניגקייט, ווי פון דעם צעטיל פּערזאָנען אין דער שטיק „דער ערשטער אידישער רעקרוט". אָט איז דער צעטיל:

ר' אהרן קליגער, בעל מחשבה, געלערנטער אין אַלערליי חכמות און לשונות.

שלמה פּסאיוואָכע, פּרנס אין שטאָדט, אַ קרעמער אַ גראָבער יונג.

ברכה זיין ווייב, אַ טויבע, רעטשופּיליוואווע און איז זעהר אַ בייזע. זי איז אַ בריה אין קלויט.

הערש לייב, זייער בן יחיד, אַ גרויסער שטאָדטנאַר.

ציביה'לע, דעם שטאָדטנאַרס ווייב, א שען ווייבעלע און איז ניט פרום.

וועלוועל גיליוואַטע, אויך פּרנס חודש, האַנדעלט מיט פעל, אויך אַן עם הארץ.

חאנצי, זיין ווייב, זייער (זעהר) קליג, אַ שדכנ'טע אין שטאָדט.

גבריאל שד, אַ גרויסער שכור, אַ לאָוטשי (כאַפּער) צו די רעקרוטען.

ליפּשה די מויד, אַ שענקערין, אַן אלטע יונגע.

ישראל אקריינער, ער טויג צום אָקסען משא ומתן, אַ קלוגער איד און אהרנס שותף.

מחלי, זיין ווייב, אַ בלינדע אָהן ביידע אויגען, זי איז אַ גרויסע מיוחסת.

נחמן דער גרויסער, מחלי'ס אַ זוהן פון ערשטען מאַן, ער איז אַ מה־יעשה'ניק, אַ צרה, אַ שעהנער קליגער יונג, אפילו מיט מעלות, נאָר ניט קיין לייט.

פּנחס דער רויטער, קלוגער איד, האַלט שטאָדט ארענדע.

ציפּרה, זיין ווייב, זעהר שען און קלוג אין זעהר גוט.

פרימה אָדער פרומעלע — פּנחס מיט ציפּרה'ס איינציג קינד, זעהר אַ שען קלוג מיידעל פון 16 אָדער 17 יאָהר.

די אלע פּערשוינען קומען שוין פון דעם צעטיל אליין ארויס לעבעדיגע מענשען, יעדער מיט זיין אינדיווידועלען פּנים, און די גאנצע צייט וואָס דער שרייבער שילדערט זיי, האָט ער זיי פאר די אויגען.

אויב די אלגעמיינע האנדלונג פון דער דראמע ריהרט זיך אָפט זעהר לאַנגזאַם, בעוועגען זיך לעבעדיגע די פּערזאָנען גופא. אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" ווערען אין

ערשטען אקט געשילדערט די סצענען, ווי אזוי אידען האבען צום ערשטען מאל בעגעגענט און אויפגענומען די גזרה וועגען רעקרוטען. די שילדערונג איז א מייסטערהאפטע. הגם דא טרעטען ארויס א סך פארשוינען, קומען אלע ארויס בולט. די ערשטע סצענע עפענט זיך אויף אן אונגעוואוינליכע אסיפה ביי פסאיאכע אין שטוב. מען רעדט ארום דעם אוקאז וואס צוויי סאלדאטען האבען געבראכט צום אונטערשרייבען. דער אוקאז איז וועגען דער צאהל רעקרוטען, וואס דאס שטעדטיל דארף געבען. עטליכע שטאדט חכמים דערוויזען מיט אלערליי ראיות, אז מען דארף דעם אוקאז ניט אונטערשרייבען, און אז מען וועט ניט אונטערשרייבען וועט מען ממילא פטור זיין פון געבען רעקרוטען. פסאיאכעס ווייב ברכה איז די אידישע בריה, וואס פערשטעהט א געשעפט. זי איז טויב, נאר ווען זי כאפט, וועגען וואס עס האנדעלט זיך, ווענדט זי אן איהר גאנצען מענה לשון געגען איהר מאן, אז ער זאל ניט וואגען אונטערשרייבען. איהר זעהט פאר זיך די אשת חיל, די פרנסה געבערקע, די דעה זאגערקע, און אלץ וואס זי טהוט איז מיט שטורם, מיט ברען, מיט רוגזה. אבער ווען די געשרייען און דער ליארעם ווערען אביסעל שטילער און פנחס דער רויטער ערקלערט, אז דאס איז טאקע א גרויסע צרה, נאר מען קאן זיך ניט העלפען, און אז מען וועט זיך שטעלען אנטקעגען וועט נאך זיין א שטראף און די פרנסים גופא וועט מען אבגעבען פאר סאלדאטען, בעמערקט ברכה, אז עפעס אן ענדערונג איז געשעהן אין דער שטימונג, און ווען זי געפינט אויס, וואס די ערקלערונג איז געווען פאלט זי אן אויף איהר מאן מיט'ן זעלביגען שטורם, מיט'ן זעלביגען ברען, מיט דער זעלביגער רוגזה, אז ער זאל אונטערשרייבען.

איצט פאלט אן א שרעק אויף די פערזאמעלטע, טאמער וועלען די סאלדאטען זיך ניט דערווארטען און וועלען אוועקגעהן. מען שיקט נאך זיי, און אזוי ווי דאס פאלט אוים שבת און מען קאן ניט אונטערשרייבען ביז נאך הבדלה בעט מען זיי, אז זיי זאלען ווארטען ביז'ן אבענד. דערביי אבער שענקט מען זיי אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט, אז אפילו די פראסטע ערלים שטויסען זיך אן, אז זיי זיינען צוליעב עפעס אן אורזאך א גאנצע מציאה און מ'וויל זיי דא נויטיג האבען, און אז מען וויל זיי אזוי נויטיג האבען, ווילען זיי דוקא אוועקגעהן. די אשת חיל ברכה, די אידענע וואס געהט אין ספאדעק, ברויכט איצט אן אמת'ן ווייבערשען מיטעל און הויבט זיך אן צו שלאגען קאפ אן וואנד. דער מיטעל איז אפילו גוט פאר'ן מאן און פאר'ן זוהן, אבער ניט פאר צוויי גראבע ערלים.

די טרויריגע סצענע איז דורכגעדרונגען מיט א לייכטען הומאר, אבער דער הומאר איז ניט קיין אריינגעשטוקעוועטער. די סיטואציעס גופא זיינען אזעלכע, אין וועלכע דאס טרויעריגע איז אויסגעמישט מיט'ן קאמישען.

דער גרעסטער פערדיענסט זיינער איז, וואס ער האט גענומען לעבעדיגע מענשען פאר זיינע דראמען. דאס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט אויפצוהויבען זיך העכער פון אנגעבלאזענער געקינצעלקייט. די פערזאנען זיינע ניט נאר ריידען מיט א מענשליכען לשון, נאר יעדער רעדט אזוי, ווי זיין כאראקטער פאדערט. דאס האט איהם אויך אויסגעהיט פון געשטרויכעלט ווערען אין השכלה'שע טענדענצען. דער גאנצער צוועק פון דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" איז צו ערקלערען די אידען, אז די גזירה צו נעהמען אידישע רעקרוטען איז גאר א טובה פאר אידען. דאס זעהט מען פון דעם דיאלאג אין צווייטען בילד צווישען אהרן קליגער און זיין ווייב, פערעלע.

פערעלע. און דאס וואס מע זאל נעמין יודין נעקריטין אדער פאר סאלדאטין, וויא דוא ריפסטס, איז דאס אויך ניט קיין גזירה ? דאס איז דעך אוודאי א ביטערע גזירה.

אהרן. ניין, פערילע, דיא זאך מוז מען אנדערש פערשטעהן. אונזער קייזער יר"ה, וויא איך מיין, וויל אין זיין מדינה, אלע אומות, וואס וואוינען אין זיין אימפעריע, גלייך מאכין, אונ איטליכער זאל גלייך א רעכט האבען צו וואוינען אדער צו האנדלין אימידים, ניט אזוי וויא ביז אהער איז געוועזין, אז אין 15 גובערניעס נאר האבין יודין גמעגט וואוינין און האנדלין. פארשטעהט זיך, אז דער וואס וויל א גלייכען רעכט האבען וויא יענער, מוז נושא בעול המדינה זיין, גלייך וויא יענער, היינט גיבין אבער יודין נישט קיין רעקרוטין. דער ריבער הייסט דער קייזער, אז יודין זאלען אויך געבין רעקרוטין, וועט שוין א רעכט זיין, אז זיי זאלין מעגען גלייך מיט יענע אימידים וואוינען און אימידים האנדלין. אז דיא קויפסט א שטאט אין שול, צאהלסט דיא פריהער געלט. דעמצמאהל האסט דיא א רעכט צו זיצין אונ צו שטעהן אף דיין שטאט. מיר דארפין אונ מיזין גלייבין אונזער קייזער יר"ה, אז דורך דעם וואס יודין וועלען גיבין רעקריטין, וועט ער זיי גלייך מיט אלע גיבין א פראווע צו האנדלין אונ צו וואוינין אימידים. דאס דארף א מענש פארשטעהן אליין.

עס פערשטעהט זיך, אז אהרן דריקט אויס די מיינונג און האפנונג פון דעם פערפאסער. אהרן איז ביי דער אסיפה אין פסאיאכעס הויז ניטא. און דאס ווייזט וואס פאר א שעהנעם געפיהל פאר קונסט־ווארהייט אקסענפעלד איז בעזעסען. די זעלביגע ווערטער וואס אהרן ערקלערט זיין ווייב וואלטען געהאט א פנים פון חוזק ביי יענער אסיפה און וואלטען געקלונגען אנגעבלאזען, פאלש. זיין אויג פאר ווארהייט־

ליבקייט ווייזט ער ארויס דערמיט, וואָס אויף
דער אסיפה זיצט פּנחס דער רויטער, סתם אַ
קלוגער איד, און יענער ערקלערט אויף אַ פּראַק־
טישען אופן, אַז דאָס איז טאַקע אַ צרה, נאָר
דינא דמלכותא דינא און מען קאָן זיך ניט
העלפען. אַ שרייבער מיט אַ ווענינגערען גע־
פיהל פאַר קונסט וואַרהייט וואָלט קיין מאָל
ניט געקאָנט דערלאָזען פּנחס דעם רויטען צו
זאָגען אַזעלכע ווערטער, ווייל דאָס שטימט ניט
מיט דעם שרייבערס טענדענץ.

צוליעב דעם זעלביגען געפיהל פאַר קונסט
וואַרהייט האָט ער ווי ווייט עס איז געווען מעג־
ליך אין זיין צייט ניט געלאָזט זיינע פּערשוי־
נען צו ווערען דורכאויס מלאכים אָדער דורכ־
אויס מחבלים. די מייסטע זיינען אונטער אלע
אומשטענדען מענשען, מיט מענשליכע מעלות
און מיט מענשליכע חסרונות. אין דעם
„ערשטען אידישען רעקרוט" איז דער העלד
נחמן דער גרויסער. אזא פּערזאָן האָט גע־
דאַרפט ארויסקומען אָדער אַ מלאך אָדער אַ
טייוועל. נאָר דאָ קומט ער ארויס, ווי אקסענ־
פעלד אליין כאַראַקטעריזירט איהם אין קורצען,
„אַ מה יעשה'ניק, אַ צרה, אַ שעהנער קלוגער
יונג אפילו מיט מעלות, נאָר ניט קיין לייט".

די האַנדלונג פון דעם ערשטען אידישען
רעקרוט ווערט געדיכט גאָר צום סוף. דער
מה־יעשה'ניק נחמן דער גרויסער איז פערליעבט
אין פרימעלען, נאָר חנצי שמועסט איהם איין,
אַז פרימעלע פערלאַנגט, ער זאָל געהן פאַר אַ
סאָלדאַט און ער טהוט, ווי ער דענקט, איהר
רצון. ווען פרימעלע ווערט געוואָהר דערפון
איז דער קלאַפּ פאַר איהר אַ צו שטאַרקער און
זי שטאַרבט. נחמנ'ס בלינדע מוטער קומט
און מאַכט אַ שרעקליכע יללה, וואָס מען האָט
ביי איהר אוועקגערויבט איהר איינציג קינד.

ווי עס איז לייכט צו זעהן, שטימט ניט
די האַנדלונג מיט דער טענדענץ. אהרן דער
קלוגער מעג דערצעהלען זיין ווייב, אַז די גזירה
פון רעקרוטען איז גאָר אַ טובה פאַר אידען,
נאָר שוין דער ערשטער רעקרוט מאַכט אזא
חורבן אין צוויי הייזער און פאַרדערט עטליכע
קרבנות.

אקסענפעלד האָט געשריעבען אויף פּראָ־
סטען מאַמע לשון, נאָר זיין שפּראַך איז ניט
קיין פּאָלירטע, ווי מען קאָן עס זעהן פון דעם
אויסצוג, וואָס איך האָב אויבען געבראַכט. די
שפּראַך איז אויך שטאַרק לאָקאַל, מיט אַ גרוי־
סען צומיש פון רוסישע ווערטער, ווי מען רעדט
אין זיד־רוסלאַנד. און זיין אויסלעגען איז אזוי,
ווי מען רעדט.

אין זיין צווייטער דראַמע „מאַן און ווייב,
שוועסטער און ברודער" ווייזט זיך נאָך שטאַר־
קער, נאָך בולטער ארויס דער אויסמיש פון אַן
ערצעהלער און דראַמען־שרייבער. דאָ זיינען
די שילדערונגען אַ סך, אַ סך שוואַכער, און
די גאַנצע קראַפט ליגט אויף אַ פּערפּלאָנטע־
טער שטוינענדער מעשה. פון דעם שער ווערען
מיר געוואָר, אַז „מאַן און ווייב, שוועסטער און
ברודער" איז „אַן אמת'ע מעשה בעאַרבייט אין
אַ טהעאַטערשטיק אין צוויי אַקטען". אַן
אמת'ע מעשה אָבער מאַכט נאָך ניט קיין
דראַמע.

דער סיוזשעט איז אזוי :

אַ מאַן איז אנטלאָפען פון אַ ווייב אַ פּגע
רע און איבערגעלאָזט איהר מיט צוויי קינדער,
אַן אינגעל און אַ מיידעל. די מיידעל איז פער־
פאַלען געוואָרען נאָך אַלס קינד, די מוטער האָט
איהר איבערגעלאָזט אין וואַלד, און דער אינגעל
איז געבליבען אין זיין געבורטס־שטאָדט און
נאָך דער מוטערס טויט האָט ער זיך ערצויגען
ביי אַן ארימע שמש'טע, אַן אלמנה. דער אנט־
לאָפענער מאַן האָט דערווייל אָנגעשפּאַרט אין
ענגלאַנד און איז דאָרטען געוואָרען זעהר רייך.
אין צוואַנציג יאָהר ארום האָט ער זיך פער־
ביינקט נאָך די קינדער וואָס ער האָט איבער־
געלאָזט אין דער היים און ער האָט זיך צוריק־
געקעהרט זוכען זיי.

זיין אינגעל איז דערווייל געוואָרען אַ
גרויסער בחור, ער האָט זיך אויסגעלערנט
די מלאכה פון שניידעריי, אָבער פון זיין אר־
בייט האָט ער קוים וואַסער אויף קאַשע. אזוי
ווי פאַר איהם איז שוין צייט חתונה צו האָבען
און ער האָט ניט מיט וואָס, זאָרגט די שטאָדט
פאַר איהם און זוכט איהם אָב אַ כלה. זי איז
אַ פרעמדע און מען רופט איהר די נכפה'ניצע
און האַלט זיך אויף אין אַן אכסניא. ווען מען
געהט צונויפקלייבען הוצאות אויף דער חתונה,
בעשליסט מען אַז מען זאָל מיטנעהמען דעם
חתן און געהן נאָך אַ נדבה צום רייכען ענגלענ־
דער. עס געדויערט ניט לאַנג און דער לעצטער
דערקאַנט זיין זוהן אין דעם ארימען שניידער־
בחור. ער לאָזט זיך אָבער ניט דערקאָנען, ווייל
ער האָט מורא, אַז די פּלעצליכע עשירות וועט
פון איהם מאַכען אַ טויגעניכטס און אַ הולטאַי.
ער גיט זיין נדבה און לאָזט אָנגעהן מיט די
הכנות צו דער חתונה. ער זאָגט צו, אַז ער
וועט קומען צו דער חופּה און וועט זיך משמח
זיין מיט חתן־כלה. נאָך דער חופּה דערקענט
ער אין דער כלה זיין טאָכטער, און אויף אזא
אופן האָט דאָס חתונה געהאַט אַ ברודער מיט
אַ שוועסטער. עס פערשטעהט זיך, אַז ווייטער
קאָן ער עס ניט לאָזען געהן און ער הויבט אָן
צו מאַכען ספּראַווקעס. דערפון קומען ארויס
נאָך אַנדערע דערקענונגען און איין איבעררא־
שונג קומט נאָך דער צווייטער.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער רב און
רבי'צין, וואָס קומען אריין אין „מאַן און ווייב,
שוועסטער און ברודער", ווערען געשילדערט
זעהר סימפּאַטיש. דער קאַמפּף פון השכלה,
ווי ער האָט זיך ארויסגעוויזען אין דער ערשטער

אידישער קאמעדיע פון וואָלפזאָהן און שפּעטער אין גאָלדפאדענס צייטען, איז אקסענפעלד'ן געווען גאנץ פרעמד. ווערליג מען זעהט פון זיינע דראמאטישע ווערק, איז אקסענפעלד ניט ארויסגעטראָטען אלס קעמפּפער, נאָר אלס לעהרער, אָדער נאָך ריכטיגער אלס עלטערער ברודער, וועלכער ווייסט מעהר און פערשטעהט מעהר. ער צייכענט זיך אויך אויס פון די אנדערע דראמען־שרייבער דערמיט, וואָס זיינע העלדען ריידען ניט קיין דייטש, נאָר פּראָסט אידיש.

די שטוינענדע מעשה פון „מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער", האָט אויך איהר טענדענץ, דער שרייבער וויל איינפּרעסען אויפ'ן לעזער'ס געדאנקען, אַז די גזירה פון מעטריקעס, איז ניט קיין גזירה נאָר אַ טובה פאר אידען. דאָס דריקט ער אויס אין גראַמען אלס א הקדמה צו דעם טהעאַטער־שפּיעל:

דאָס האָט זיך געטראָפען ביי יודישע קינדער
אין דער שטאָדט ווימיסלע: דאָס קען זיך
אָבער ניט טרעפען אצינדער.
דערפאַר אַליין דאַרפען מיר בעטען פאַר אונזער
קייסער'ס לעבען
וואָס ער האָט אונז דעם אוקאַז געגעבען
אַז פאטער און מוטער מוזען זעהן איטליכס
מאָל,
אַז אַ קינד ווערט געבאָרען זאָל מען עס פערשרייבען ביי קהל,
אונ אז ביי אַ חתונה טאָר מען ניט שטעלען
דיא חופּה אָהן קהלס אַ קוויטעל
זיי דארפען דרוף אכטונג געבען, אויף זיי איז
דאָס מוטל.

אקסענפעלד'ס פּיעסען האָבען ליעדלאָך און אזוי ווי אין דראמען האָבען זיי ניט קיין פּלאַץ, ציהט פּראָפעסאָר וויענער אין זיין „אידיש ליטעראטשור אָוו דהי ניינטינטה סענטשורי" דערפון אַ שלוס, אַז זיי זיינען געמיינט געוואָרען פאַר א ביהנע. — אויבען איז שוין געווען ציטירט — וואָס אקסענפעלד גופא האָט געזאָגט וועגען זיינע טהעאַטער־שטיק, אַז זיי זיינען געשריעבען אין אַ דראמאטישע פאָרם, כדי מען זאָל זיי קאָנען לייענען אין א קאָמפּאַניע, און דאָס ווייזט, אַז ער האָט אפילו ניט געהאָפט, אַז מען וועט די דראמען שפּיעלען אויף אַ אידישער ביהנע.

אַ חוץ די צוויי דערמאָנטע שטיקער האָבען זיך געדרוקט נאָך צוויי: „דער אוצר אָדער די גענאַרטע וועלט", און „קבצן עושר־שפּיעל". דער ערשטער אידישער רעקרוט האָט זיך געדרוקט פאר'ן אויטאָר'ס לעבען אין 1862 אין לייפּציג, דרוק פון ק. א. פּאָלקראַט, די אנדערע צוויי זיינען ערשיענען נאָך זיין טויט. אקסענפעלד האָט זיינע כתבים איבערגעלאָזט ל. מאָרענעס און דער לעצטער צוזאמען מיט מ. ביילים האָבען אין 1867 אָבגעדרוקט „מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער" און די איבריגע צוויי אין עטליכע יאָהר ארום.

עס איז מערקווירדיג, ישראל אקסענפעלד איז געווען ארומגערינגעלט מיט דער העכסטער אינטעלעגענץ אין אדעס און זיינע פריינד האָבען זיך שטארק משתדל געווען, אַז זיינע ווערק זאָלען זיך דרוקען, און ווי ווייט מיר איז בעקאנט, האָט זיך צווישען זיי ניט געפונען קיין איינציגער, וואָס זאָל געבען די כראָנאָלאָגיע פון זיינע ווערק.

עס איז אונבעוואוסט, ווען יעדע ווערק איז געשריעבען געוואָרען. אויפ'ן שער פון „ערשטען אידישען רעקרוט" איז אָנגעשריעבען אַזוי:

דער ערשטער אידישער רעקרוט
בשנת התקפז, דענצמאָהל איז דער אוקאַז
אָנגענומען
אָדער אַ מעשה פון
קלאָמערשט חתן־כלה.

דאָס יאָהר תקפז איז 1827 און איך נעהם דערפון, אַז דעמאָלט איז די פּיעסע געשריעבען געוואָרען, הגם עס איז אויך מעגליך, אַז דער דאטום תקפז געהט אויפ'ן ערשטען אידישען רעקרוט. מיין שלוס, אַז די פּיעסע איז געשריעבען געוואָרען אין 1827, שטיצט זיך אויף דעם דיאלאָג צווישען אהרן קלוגער און זיין ווייב. עס וואָלט געווען אונמעגליך אין 1862 צו שרייבען אין אזא טאָן וועגען אידישע רעקרוטען. מען וואָלט אויך געקאָנט רעכטען וועגען דער צייט, ווען דאָס ווערק איז געשריעבען געוואָרען, פון דער שפּראַך און פון אויסלעגען. דאָס אויסלעגען אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" שיידט זיך ראדיקאל אונטער פון דעם אויסלעגען אין „מאַן און ווייב", עס איז אָבער זעהר מעגליך, אַז דער זעצער אין לייפּציג, וואו עס האָט זיך געדרוקט דער „ערשטער אידישער רעקרוט" האָט זיך ניט געהאַלטען ביים אָריגינאַל. און ווידער איז מעגליך, אַז די ארויסגעבער פון די אנדערע דראמען האָבען מאָדיפּיצירט דאָס אויסלעגען. עס דארף אָבער קיין שום פראגע ניט זיין, אַז אקסענפעלד'ס פּיעסען זיינען געשריעבען געוואָרען אַ סך פריהער יוי זיי זיינען געדרוקט געוואָרען.

אקסענפעלד פערנעהמט גאָר אַ בעזונדער פּלאַץ צווישען די אידישע דראמען־שרייבער.

א. עפשטיין

אויפ'ן שלאַכטפעלד

(ערצעהלונג)

געווידמעט ל. ל.

.1

אי נאָר די ראַטע האָט פאַרנומען דעם אָרט געגען פיינד, ווי נאָר עס האָט אָבגעהילכט אין דער לופט די האַרטע קלינגענדע שטימע פון ראטנעם „פלי“—(שיס)! — האָט זיך פאר אנדריי אוגליטיש אַלעס געענדיגט, גלייך אַ שלייער וואָלט זיך פאר זיינע אויגען אַראָבגעלאָזט און האָט אַלעס פאַרשטעלט. אָבגערוקט אן אַ זייט איז געוואָרען דאָס אַלץ וואָס האָט אין זיין לעבען אַזאַ וויכטיגען אָרט פאַרנומען. עס איז קיין סימן ניט געבליבען פון בענקשאַפט, מיעדקייט, שרעק און הונגער, פון שרעקליכען הונגער, וואָס האָט איהם אַזוי געמאַטערט די לעצטע טעג.

די ראטע איז געלעגען אויף דער ערד אין אַ לאַנגער שורה און אָט דער ריח פון דער פרישער ערד, צו וועלכע מען איז געלעגען אַזוי צוגעטוליעט מיט'ן ברוסט, האָט אין אנדריים נשמה אַריינגעגאָסען אַ שטראָם פרישען לעבען. אַ לייכטער שמייכעל האָט אַריבערגעשוועבט איבער זיין פנים. איין מאָמענט נאָר האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ חלום, אַז אין דעם אמת'ן איז דאָס די פעלד פאַר'ן דאָרף. ער איז נאָך אַ קליין איינגעל און צוזאַמען מיט די חברים וואַרמט מען זיך דאָס אויפ'ן זונן. נאָר באלד איז דער געדאַנק פאַרשוואונדען ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגעל. אין האַרצען האָט עס איהם צונויפגעדריקט. ערגעץ דאָרט טיעף האָט זיך אַ קנויל אויפגעהויבען און צוזאַמענגעדריקט דאָס האַלז. די אויגען זיינען פאַרלאָפען מיט טרעהרען און כדי צו דערשטיקען אין זיך די געפיהלען האָט ער זיך אין געדאַנק עטליכע מאָל איבערגע'צלמ'ט.

ווייט אויפ'ן האָריזאָנט אין דער רעכטער זייט האָט זיך געצויגען אַ וואָלקען רויך און אַ דומפפער דונערן האָט זיך געטראָגען וואָס האָט די גאַנצע געגענד אָנגעפילט מיט רויש און שטורם. דאָס האָבען געאַרבייט די האַרמאַטען און כאָטש דאָס איז געווען ווייט הינטערן געדיכטען וואַלד, האָט זיך די אנוועזענהייט פון די האַרמאַטען געפיהלט און דאָס האָט געמאַכט ביי אנדרייען דאָס האַרץ שטאַרקער צאַפלען.

געזעהן דעם פיינט האָט מען ניט, נאָר פון ווייטען פון דער ווייכער שיינענדער בלאָהקייט, פון הינטער דעם בערגעל, וואָס איז געווען איינגעוויקעלט אין זונען שיין, האָט ער זיך געפיהלט, האָט ער געלויערט מיט טויזענדער אויגען שאַרפע שטעכיגע אַזוי ווי שפּיזען.

* * *

פון הינטער'ן בערגעל האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ אָפטער גענומען טראָגען אַ שטילער סוויסטשען אַזוי ווי דאָס זשומען פון אַ פליג. יעדעס מאָל וואָס אנדריי האָט געפיהלט נאָהענט צו זיך אָט דעם זשומען, האָט ער אַ ציטער געטהאָן ווייל ער האָט געוואוסט זיכער: „טרעפט דיר אַזאַ אין שטערען אָדער אין האַרצען און דו ביזט ניטאָ“. און כאָטש דאָס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלען ווי אַזוי דאָס קאָן זיין האָט עס איהם דאָך געשראָקען און כדי צו דערשטיקען אין זיך דעם אונאַנגענעהמען געפיהל האָט ער מיט חשק גענומען דריקען אָפטער דעם הענדעל פון ביקס, אַוועקשיקענדיג אַהין דעם זעלבען ענטפער, אויף אַזאַ בייזען, אַזאַ שטיל פייפענדען.

אנדריי איז געווען אַזוי פערטהאָן אין דער אַרבייט, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט די אַלע, וואָס ליעגען דאָ נעבען איהם, אַקסעל צו אַקסעל, ווייל אַלע האָבען געשוויגען. קיינער האָט ניט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג, גלייך ווי דער שטילשווייגען וואָלט דאָס וויכטיגסטע פון דער אַרבייט געווען. די שטילקייט האָט אָבער אָנגעיאָגט אַן אומרוה; פיהלסט זיך אַזוי, ווי דו וואָלסט געווען אַליין, אין גאַנצען אַליין צווישען אַ שרעקליכען פיינד אין אַ פרעמדער פיינדליכער געגענד. און ווייל די געפאַהר האָט דאָ געשוועבט אַרום און אַרום, האָט געלויערט פון אַלע זייטען, האָט געקוקט מיט בלוטדורשטיגע אויגען פון אַלע ווינקלעך, האָט זיך אַזוי געגלוסט זיין נאָהענט, זיך צודריקען צו אַ פריינד, כאָטש הערען אַ מענשליך קול. אַ פערשטיינערטע שטילקייט האָט זיך אָבער געהאַלטען אַרום דער גרויסער לויערענדער מענשען־מאַסע, אַ טויטע שטילקייט, וואָס האָט ביסלעכווייז געמאַכט ציטערען די נשמה, האָט אָנגעיאָגט אַ ווילדע שרעק.

און די צייט האָט זיך געשלעפט, אויסגעצויגען לאַנג, אַלץ אַרום איז אַזוי ווי פערגלי־

ווערט געוואָרען אויף אַן אָרט. דיזעלבע זון, דערזעלבער בלויער הימעל און דאָס אונאויפהערליכע סוויסטשען און דאָס דונערען און קראַכען פון די האַרמאַטען, וואָס מאַכט ציטערן די ערד.

* * *

עס האָט זיך דערהערט אַ זיפץ, אַזוי ווי אַ מענש, וואָס איז אַ צייט אין חלשות געלעגען און האָט פּלוצלונג אַ טיעפען אטהעם געטהאָן. אָט דער מענשליכער קלאַנג האָט אַנדרייען ווי אַ דונער געטראָפען, עס האָט איהם אין גאַנצען אויפגעשווידערט. מיט איבערמענשליכע קרעפטען האָט ער זיך איינגעהאַלטען ניט אויסצושרייען הויך אויפ'ן קול.

ער האָט געוואָרפען אַ זייטיגען בליק און האָט בעמערקט, אַז איוואַן, דער חבר זיינער איוואַן, ליגט עפּעס מאָדנע — איין האַנד מיט'ן ביקס איז אויסגעצויגען, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטען אין שווימען; די צווייטע האַנד איז געלעגען איבערגעדרעהט אונטער'ן קערפּער, די אויגען האָט ער געהאַלטען געשלאָסען, פון שטערען איז גערונען אַ קליין שטראָמעלע בלוט. „ער איז טויט!“ — האָט זיך ביי אַנדרייען אַרויסגעריסען אַ כריפּ, און גלייך איז איהם אַ קליין גרין פייער'ל פאַר די אויגען אויסגעוואַקסען, דער קנויל אונטער'ן האַרצען האָט זיך אַ ריהר געטהאָן און מיט פולע כוחות האָט ער גענומען דריקען דאָס הענדעל פון ביקס אַוועקשיקענדיג מיט אַ הילכיגען קלאַפּ רויטע גליהענדע קוילען.

מיט אַ פייערדיגען בלוטפערלאָפענעם בליק האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער ווייטער בלויהקייט, ער האָט געזוכט איינעם, כאָטש איינעם טרעפען, אַוועקלייגען און זעהען ווי ער צאַפּעלט זיך, וואַרפט זיך, און בלוט רינט, אַ גאַנצער שטראָם בלוט. נור קיינער האָט זיך ניט געזעהן. דער בערגעל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ בעלויכטענער, אַ שטראַהלענדער, קוקענדיג אַנטקעגען מיט חזק, מיט שפּאָט, בעהאַלטענדיג אונטער זיין דיקער פלייצע יענע פרעמדע בייזע פיינד.

* * *

וואָס ווייטער איז דאָס קרעכצען אַרום אַנדרייען געוואָרען אַלץ אָפּטער. דאָ און דאָרט זיינען געלעגען מענשען, די פּנים'ער איינגעגראָבען אין דער ערד און זיך געקאָרטשעט, געשווידערט פון וועהטאָג. דאָס אַלץ האָט ער געזעהן וויילענווייז, אַ רגע נור, אַזוי ווי אָהן בעוואוסטזיין, און באַלד איז דאָס ווייטער פערשוואונדען פון אויג. נור איין זאַך האָט געגריבעלט אין מאַרך: וואָס גיכער געפינען דעם פיינד, זעהען איהם, דעם וואָס לויערט דאָרט ערגעץ אַזוי כיטרע, אַזוי בייז.

אין דער לופט האָט זיך אָנגעהויבען אָנזאַמלען מענשליכע שטימען. עפּעס האָבען איי־ניגע גערעדט, געבעטען זיך און געבייזערט. נור דאָס האָט ניט געטרייסט און ניט בערוהיגט. פערקעהרט, פון יעדען וואָרט, פון יעדען זיפץ האָט ער אַלץ מעהר אויפגעשווידערט און עס האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל ווייטער זיין שטיל, טויט־שטיל.

* * *

מיט אַמאָל האָט עס אַנדרייען אַ צופּ געטהאָן אין האַרצען, אַ פרייד האָט איהם אַרומגעכאַפּט. עפּעס וואונדערבאַרעס, פּלוצליכעס האָט פּאַסירט, און ווי פון אַ שטאַרקע קראַפט געשטויסען איז ער אויפגעשפּרונגען אויף די פיס.

עטוואָס שווערעס, גרויסעס, האָט אַ שוועב געטהאָן אין דער לופט און געטראָפען אין בערגעל מיט אַ טעמפּען זעטץ. אַ גאַנצער וואָלקען פון רויך און שטויב האָט זיך אויפגעהויבען און האָט פאַרשטעלט די זונן. באַלד איז אָנגעקומען אַ צווייטע און אַ דריטע און דאָס אייגענע געטהאָן. אַ ווילדער געשריי האָט זיך פון הונדערטער הערצער אַרויסגעריסען, האָט זיך אַ הייב געטהאָן אין דער לופט און איז צוזאַמענגעגאָסען געוואָרען מיט'ן דומפּען דונערען פון די האַרמאַטען און אַז עס האָט זיך אויסגעלייטערט, האָבען אַלע דערזעהן, אַז פון בערגעל איז קיין סימן ניט געבליעבען. גלייך ווי ער וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען, און דאָרט האָט עפּעס זיך אָנגעהויבען צו ריהרען. מען איז דאָרט געלאָפען, געשפּרונגען, הין און צוריק. מאָדנע קליינינקע האָבען זיי אויסגעוויזען יענע פרעמדע, וואָס האָבען אַזאַ שרעק אָנגעיאָגט.

און נאָך איין זאַך האָט זיך איצט געוואָלט — שיסען, יאָגען אָהין קוילען, וואָס מעהר הייסע, ברענענדיגע קוילען; לייגען זיי ווי די זאַנגען אין פעלד, און אָהן אַ בעפעהל האָבען זיך אַלע געכאַפּט פאַר די ביקסען און אָנגעהויבען אַוועקשיקען אין יענער ווייטקייט טויט און פערניכטונג.

איינער אַ דיקער מיט אַ ווייסען צייכען אויפ'ן אַקסעל האָט זיך אַנדרייען געוואָרפען אין די אויגען. פלינק האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דעם ביקס, זיך געצילט און צוזאַמענדריקענדיג די צייהן, ברומענדיג אין זיך, האָט ער אָפּגעפייערט איין מאָל און אַ צווייטען און ער האָט דייטליך געזעהן ווי יענער איז אונטערגעשפּרונגען, האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געקליבען פליהען, און איז באַלד געפאַלען ווי אַ קלאָץ.

און געדאַכט האָט זיך אַנדרייען, אַז ער זעהט קלאָהר, דייטליך דאָס בלוט רינען פון יענעמס שלייף, ווי ער צאַפּעלט זיך און כאָרכעלט און דאָס האָט איהם גליקליך געמאַכט.

* * *

פון וואַלד איז אָנגעקומען אַ רייטער, ווי

א שטורעם האָט ער זיך צוגעטראָגן צו זיי, האָט א רוף געטהאָן דעם ראַטנעם.

— עס איז באשלאָסען צו נעהמען דעם פונקט מיט שטורעם. מארשירט באלד מיט אייערע מענשען.

— ווער האָט געהייסען ?

— דאָס איז דער באַפעהל פון גענעראל.

דער באראבאן האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען הילכיג און שרייענדיג, שיטענדיג א קליינעם דראָב, לויפענדיג און שפּרינגענדיג, דאָ הויך, בייז, באפעהלענד און דאָ געהיימניס־פול און בעטענדיג. און יעדער פון די קלעפּ האָט געטראָפען אנדרייען גלייך אין מארך אריין און האָט איהם פארשאפט שמערצען, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער געפיהלט ווי אָהן זיין וויסען ציהען זיך איהם אן די מוסקולען, גלייכען זיך אויס די גלידער, און עס פארשווינדט דאָס שרעק און שוואכקייט. נאָר דאָס הארץ קלאַפּט שטארק ווי מיט א האמער און אין די שלייפען זעטצט עס אזוי ווי מען וואָלט מיט א שטארקען פויסט געשלאָגען. פּלוצים רייסט זיך דורך אין דער לופט א קוויטשיק דין קול, נאָך גאָר א יונגער און אזא פרעמדער. „דער ראטנער איז גע׳הרג׳ט"... טראָגט זיך איהם דורך א געדאנק אָבער קיין געפיהל רופט עס ביי איהם ניט ארויס.

—סמירנא . . . בעגאם—מארש . . .

* * *

לייכט ווי א שטורעם טראָגט זיך עס. די קלענסטע אנשטרענגונג דארף אנדריי ניט מאַכען. עס לויפען א גאנצע מחנה. פון אלע זייטען טראָגט מען זיך, צופּוס־געהער און רייטענדע, פון אלע ווינקעלאך ציהען זיך שורות און באהעפטען זיך, מישען זיך אויס, שליסען זיך איין איינע אין די אנדערע. און מיט ברייטע שנעלע טריט לויפט מען שפּאנענדיג איבער שטיינער און גריבער. עס פלאָנטערט זיך אונטער די פיס און עס דאכט זיך, אז דו שווימסט איבער א טייך און די וועלען פארהאלטען דיך. נאָר אלץ טרעט אָפּ פאר דיין קראפט, אלץ לייגט זיך פאר דיין שטומען ווילען. פּלוצים האָט עס אויפגעשריען. פּונקט אנקעגען וואו אנדרייס ראטע איז געלאָפען, האָט עס אויפגעדונערט און גרויסע שווערע זאכען האָבען זיך געטראָגען איבער די קעפּ. פאלענדיג דאָ פאראויס דא אן א זייט אויף דער ערד. עס גיט א רייס אויף, הייבט אויף א וואָלקען שטויב, עס פארשיט די אויגען. אָפּט פאלט עס אריין אין מיטען פון א מאסע מענשען. און עפּעס שרייט אויף מיט א יללה.

אן א זייט פון א געדיכטען וועלדיל זיינען געשטאנען א גרויסע מאסע מענשען, אנגעטהאָן אין שווארצען, האלטענדיג די ביקסען אָנגעשטעלט אין דער לופטען. אנדריי האָט זיי דערזעהן אומגעריכט, גאָר אונערוואַרטעט, און כאָטש מען איז נאָך אלץ געלאָפען האָט ער זיך מיט די אויגען איינגעגעסען אין אָט די פרעמדע, האָט זיי גוט באטראכט און מאָרגע — אין דעם מאָמענט האָט ער גאָרנישט געפיהלט צו זיי, און וואָלט גאָרנישט געטראָפען אין דער צייט, וואָלט ער געוויס פארביי געלאָפען אָט די פרעמדע מענשען און זיי וואָלטען אויף איהם קיין איינדרוק ניט געלאָזט.

די פרעמדע אָבער, דערזעהענדיג די פון בעהעלטענים ארויסלויפענדע מענגע, האָבען גלייך אָנגעהויבען צו שיסען. א גאנצער האָגעל מיט קוילען האָט זיך א שאָט געטהאָן אין אנדריי׳ס ראָטע, טויטענדיג און פערוואונדענדיג צעהענדליגע מיט אמאָל.

* * *

עס האָט זיך אָנגעהויבען א געשלעג, א ווילדער און א בלוטיגער. גענוי וואָס עס האָט פּאסירט האָט אנדריי ניט געדיינקט. ער וויים נור, אז אפריהער האָט מען געשאָסען, נאָכדעם האָט מען גענומען שטעכען מיט די באיאָנעטען, נאָכדעם האָט מען זיך געשלאָגען מיט די הענד, געביסען מיט די צייהנער, זיך געגראַבעלט אזוי ווי קליינע קינדער, ארומגענומען און געקייקעלט זיך אויף דער ערד.

אז מען איז אריבער פון שיעסען אויף א געשלעג מיט די באיאָנעטען, איז אנדרייען אויסגעקומען זיך צו טרעפען מיט א הייכען, דיקען מאַן, מיט מאָרנע לאנגע וואָנצעס, שווארצע ווי קויהל, און גרויסע ברענענדיגע אויגען. „אָן אָפּיציער !" — האָט זיך איהם דורכגעטראָגען אין געדאנק, און ער האָט זיך מיט זיינע אויגען איינגעגעסען אין יענעם אזוי, ווי ער וואָלט וואָס ניט איז געדארפט ערוואַרטען פון דעם פרעמדען פיינדליכען מענשען. יענער האָט פלינק אויפגעהויבען די שווערד און זיך פערמאָסטען איהם אראָבצולאָזען איבער׳ן שארבען. אנדריי האָט פריהער פערכאַפּט — שנעל האָט ער יענעם דערלאַנגט מיט׳ן לינקען זייט פון ביקס אין בויך. יענער האָט זיך גלייך אראָבגעזעצט צו דער ערד, דער פּנים איז איהם מאָמענטאַל געוואָרען בלויה און האָט אויסגעשטעלט אויף איהם זיינע גרויסע, שווארצע אויגען, אין וועלכע עס האָט א שיין געטהאָן עפּעס ווייכעס, גוטעס, בענקענדיגעס און הארציגעס. דאָס האָט אָבער אנדריי ניט בעמערקט. ווי נור יענער איז געזונקען צו דער ערד, האָט ער איהם דערלאַנגט א זעץ אין מיטען שארבען מיט׳ן ביקס און געדאכט האָט זיך איהם, אז ער הערט דעם קלאַנג פון א צובראָכענער כלי.

* * *

דער געשלעג האָט זיך געענדיגט מיט א זיעג. דער פיינד האָט גענומען אָפּטרעטען. מיט א מאָל זיינען די, וואָס האָבען זיך אזוי מוטהיג געשלאָגען, מיט אזוי פיעל גבורה, פערוואנדעלט געוואָרען אין א צושראָקענער סטאַדע. זיי האָבען אָנגעהויבען לויפען באהערשט

פון אן איבערנאַטירליכען שרעק. פּלוצלים זיי־
נען עס געוואָרען אָרימע, אָבגעלאָזטע, עלענדע מענשעלאַך. אנדריי'ס ראָטע, פון וועלכער עס איז איצט שוין פערבליבען גאָר א קליין ביסעל, האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגען נאָך דעם אנטלויפענדען פיינד, נאָכשיקענדיג איהם א האָגעל פון קויהלען און זעהענדיג ווי איינער נאָך דעם אנדערען פאַלען זיי אונטערגעשאָסענע, האָט זיך פון אַלעמענס הערצער א פריידענס געשריי ארויסגעריסען. זיי האָבען געליאַרעמט, געשפּרונגען, ווי צולאָזטע קליינע קינדער, און אז מען האָט א גוסס'ען פיינד געטראָפען האָט מען איהם נאָך מיט די באַיאָנעטען געשטאָכען, מיט די פיס געטראָטען, און ווייטער זיך געלאָזט לויפען אין דער פרעמדער, אונבעקאַנטער ווייטקייט...

* * *

שטעהן איז די ראָטע געבליבען פאַר א קליין הייפעל הייזער, וואָס זיינען פאַר די אויגען אויסגעוואַקסען פּלוצים, ווי דורך א וואונדער. פריהער האָט עס קיינער ניט באַמערקט, און מאָדנע, ווי דאָס האָט ניט געפּאַסט צו אָט דער גאַנצער ארבייט, וואָס דאָ איז איצט אויפגעטהאָן געוואָרען. ווי פרעמד עס האָבען געקוקט אָט די רוהיגע, נידריגע, שעהנינקע הייזלאַך אויף די צואויילדעטע, צורייצטע מענשען. פון דאַנען האָט געוועהט מיט פריעדען און ליעבשאַפט. ווי שעהן די פאַרנאַכטיגע זון האָט זיך געשפּיגעלט אויף די רויטע דעכער, האָט זיך אָבגעשלאָגען אין די קליינינקע, זויבערע פענסטערלאַך.

— וואָס טהוט מען איצט? — האָט איינער א פרעג געטהאָן.

— נעהמען מיט שטורעם.

עס האָט זיך ארויסגערוקט דער יעפרייטטאָר, א בעוואַקסענער בחור מיט אן אָנגעשוואָלענעם שווארצען פּנים און האָט א געשריי געטהאָן: ראַטא, פּלי!

און באַלד האָט זיך דערהערט א בראַזגעריי פון שויבען. נור קיין סימן פון לעבען.... טויט־שטיל האָט געקוקט די גאַס.

— מען דאַרף עפּעס א זוך טהאָן, אפשר וועט מען דאָ קריגען וואָס צו עסען, וואָס זאַגסטו, זאַכארענקאָ? — האָט זיך איינער געווענדעט צום יעפרייטאָר.

— איך וויים, מ'האָט געדאַרפט פּרובען, נור פון דעסטוועגען זאָל מען זיין פאָרזיכטיג.

* * *

אָב'גנב'ענענדיג זיך איינער פון דעם אנדערען האָבען זיך די סאָלדאַטען מיט די ביקסען אין די הענד צושאָטען איבער די הייזער. יעדער האָט זיך אויסגעקליבען א בעזונדער ווינקעל, האָט זיך געהיט דער צווייטער זאָל ניט נאָכגעהן, מען זאָל זיך ניט דאַרפען טהיילען מיט'ן רויב.

אנדריי האָט זיך פערנומען לינקס צו אן אָבגעזונדערטער הייזעל, אן ארומגעצאַמטע, מיט א שעהנעם געפּאַרבטען פּאַרקען. די טהירעל איז געווען אָפען און א קליין סטעזשקעלע האָט געפיהרט צו א הויכער ווערענדע. א קליינע ווייגע איז ער געבליבען שטעהן, האָט זיך פאַרזיכטיג ארומגעקוקט, האָט געוואָרפען א בליק אין די פענסטער, וואָס האָבען געבלאַנקט פון דער רויטער שיין פון דער פארגעהענדער זון, און זעהענדיג, אז עס איז ניטאָ פאַר וועמען צו שרעקען זיך, איז ער מיט שנעלע טריט אריין אין א ברייטען, פיין־פערפּוצטען צימער.

דאָ איז געשטאַנען אַלץ אויף אן אָרט, אזוי ווי די בעלי בתים וואָלטען אקאָרשט ערשט פון הויז ארויס. פּראָסטע אָבער שעהנע מעבעל איז געווען אויסגעשטעלט אין א גוטען אָרדנונג. אויף דער ערד נור זיינען געלעגען עטליכע בענדלאַך האָר־שפּיעלקעס און נאָך קלייניגקייטען. פּלוצים האָט אנדריי דערפיהלט א צופּ אין הארצען: ווייבערשע זאַכען! — האָט ער א טראַכט געטהאָן און ווי לעבעדיג האָט זיך פאַר זיינע אויגען א טראָג געטהאָן דער פּנים פון זיין יונג ווייבעל, און ער האָט א ציטער געטהאָן...

נור דאָס איז באַלד פערשוואונדען. עס האָט זיך איהם געוואָלט עסען. וואָס שנעלער עסען, קייען, שלינגען . . .

אין דעם ערשטען צימער איז גאָרנישט געווען. ער האָט זיך פארנומען אין צווייטען צימער — אויך גאָרנישט. פּוסט. ער האָט דערפיהלט, אז דער כעס וואַקסט אין איהם און הויבט זיך אויף פון דאָס ניי, ער האָט אזש א קריץ געטהאָן מיט די ציינער. פון גאַס האָט זיך דערטראָגען א פרעהליכער געלעכטער. חברה האָבען זיך געריסען עפּעס איבער א זאַך. „זיי זיינען שוין זאַט“ — האָט ער א מורמעל געטהאָן.

פּלוצים איז ער א פערגליווערטער געוואָרען פון שרעק. ער האָט דערהערט א שאָרך, א קרעכץ, א בעוועגונג. עס האָט איהם א ברען געטהאָן אין מאַרך: א פיינד! און מיט'ן ביקס פאָראויס האָט ער זיך א וואָרף געטהאָן אין יענער זייט, פון וואַנען דער רויש איז געקומען.

* * *

אין א דונקעלען צימער ביים וואַנד זיינען געשטאַנען צוויי קינדערשע בעטלאַך. מעהר איז דאָרט גאָרנישט געשטאַנען. פאָרזיכטיג אויף די שפּיץ פינגער, האָט ער זיך געשאַרט ביים וואַנד, האַלטענדיג דעם ביקס גרייט צו שיעסען.

אין איינער פון די קינדערשע בעטלאַך האָט זיך עפּעס א ריהר געטהאָן. ער האָט געוואָרפען א בליק אהין און האָט דערזעהען, אז דאָרט זיצט א קליין קינד, א יאָהר צוויי אָדער דריי

אַלט. די אויגלאַך ברייט פונאַנדערגעעפּענט, ווילדע פון שרעק, קוקען אויף איהם און ווי נור ער האָט דעם שוועל איבערגעשפּאַנט, האָט דאָס קינד א האַרצרייסענדען שרעקליכען געשריי געטהאָן.

ביי אַנדרייען פון האַרצען האָט זיך אויך אַרויסגעריסען א געשריי:

—סאַשענקאַ !

עס זיינען פאַרבייגעלאָפּען אַ פּאָר סעקונדען, אין וועלכעביידע דער סאָלדאַט און דאָס קינד האָבען זיך איינגעגעסען איינע אין די אַנדערע מיט די אויגען. אנדריי האָט דערפיהלט אַ מאָדנע שוואַכקייט, אַ לייכטער ציטער איז איהם אַריבערגעלאָפּען פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט זיך געמוזט אָנהאַלטען אַן וואַנט. סאַשענקאַ, זיין קינדעלע, ווי קומט זי אַהער ? קאָן דאָס זיין ? קאָן דאָס זיין, אַז דאָס אַלץ איז נאָר א חלום געווען ? וואָס מעהר ער האָט געקוקט אויף דאָס קינד אַלץ מעהר, אַלץ דייטליכער האָט ער עס דערקאָנט זיין קינד, זיין קליין טעכטערל . . .

דאָס קינד האָט אויסגעצויגען רחמנות'דיג די אונטערשטע ליפּעל, האָט אַ כליפּע געטהאָן און האָט צו איהם אויסגעשטרעקט איהר הענטיל. אַנדריי איבערוועלטיגט פון א שטאַרקען געפיהל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניע און אָנגעשפּאַרט דעם שטערען אַן דאָס געפלאָכטענע ווענטיל פון בעטיל.

אַ היבשע ווייל איז אַזוי פאַרבייגעלאָפּען. ער האָט גאָרנישט געדיינקט. פון קאָפּ איז ארויס יעדער געדאַנק. נאָר געדאַכט האָט זיך איהם, אַז ער איז אין דער היים, באַלד וועט זיך עפענען די טהיר און די ווייב זיינע אַנפיסאַ וועט אַריין און א זאָג טהאָן: אַנדריושאַ ! . . .

עפּעס ווייכעס און וואַרימעס האָט ער דערפיהלט אויפ'ן האַלז. אַ נחת'דיגער שטראָם איז איהם דורכגעלאָפּען איבער'ן לייב. ער האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט דערזעהן, אַז דאָס קינד שטעהט מיט איין הענטיל אָנהאַלטענדיג זיך אַן ראַנד פונ'ם בעטעל, די צווייטע האָט זי געהאַלטען אויף זיין האַלז.

עס האָט זיך איהם אַ שפּאַר געטהאָן טרעהרען, זידיגע, הייסע טרעהרען. טיעף אין האַרצען האָט זיך דער קנויל באַוועגט, איז צוגאַנגען און עס איז לייכטער געוואָרען צו אָטהעמען.

— מאַמע — האָט דאָס קינד געזאָגט צוטראָגענדיג איהרע בלאָהע אויגעלאַך צו זיין פּנים.

— מאַמע — האָט איהר אנדריי נאָכגעזאָגט מיט אַ וויינענדיגען קול און די טרעהרען האָבען זיך געהאַלטען אין איין גיסען — ניטאָ דיין מאַמע, מיר זיינען ביידע עלענדע, הונגעריגע, שוואַכע. ניטאָ די מאַמע.

ער האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענד, צוגעטראָגען עס צום פענסטער. אַ היבשע ווייל עס בעטראַכט.

— איך האָב דאָך אויך אַזאַ קליין מלאך'ל ווי דו, און זי האָט אויך אַזעלכע שעהנע אויגעלאַך און אַ ליבינקע מיילכעלע. איך וועל עס שוין אָבער קיין מאָל ניט זעהן. קיין מאָל ניט.

— האָט ער גערעדט מיט אַ שלוכטשען.

אויפ'ן גאַס האָבען זיך געהערט שטימען, פרעהליכע און זאַטע, איינער האָט אפילו א לידעל געזונגען.

דאָס קינד איז געלעגען אַ פּאַר'חלש'טע, אָנגעשפּאַרט דאָס בלאָנדע קעפּעל אויף זיין אַקסעל. עס האָט געשוויגען. נאָר פון צייט צו צייט האָט עס א כליפּע געטהאָן.

— שאַ, וויין ניט, מיין קינד, שלאָף זשע איין — מיר'ן געפינען דיין מאַמען. זי וועט דיר אָנקאָרמען און דיר וועט ווידער זיין גוט.

אויפ'ן הויף האָט זיך דערהערט אַ גערודער. אימיצער איז געלאָפען מיט האַסט און האָט געוויינט. אַ פּאָר פון די סאָלדאַטען האָבען געשריען, געליאַרעמט. אנדריי איז מיט'ן קינד צוגעגאַנגען צום פענסטער זעהן וואָס דאָרט טהוט זיך. א פרוי האָט זיך געריסען פון די סאָלדאַטען און האָט ביטער געוויינט, ריידענדיג עפּעס אויף אַן אונבעקאַנטער שפּראַך.

— מאַמע — האָט דאָס קינד אָ געשריי געטהאָן, פרעהליך.

— קום צו די מאַמען — האָט אנדריי מיט אַ צופריעדענעם פּנים געזאָגט.

ווי נאָר די פרוי האָט דאָס קינד דערזעהן ביים סאָלדאַט אויף די הענט האָט זי אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד, זיך אַנידערגעוואָרפען אויף ד'ערד און גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות.

— נאַ, נעהם דאָס קינד, עס איז געזונד, זעהסטו אָט איז עס — האָט איהר באַרוהיגט אנדריי.

די פרוי איז אויפגעשפּרונגען, האָט אַ כאַפּ געטהאָן דאָס קינד אויף די הענד און איז פאַרשוואונדען הינטער די הייזער.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּען פון באַראַבאַן. אַן אומרוהיגער געדיכטער דראַב האָט זיך געשאַטען. אַלע האָבען זיך געכאַפּט פאַר די ביקסען און זיך געלאָזט לויפען אין דער ריכטונג, פון וואַנען דאָס קלאַפּען איז געקומען. קאָנטיג, אַז דער פיינד איז נאָהענט און אַ שלאַכט וועט זיך אָנהייבען . . .

אַלגין.

אוים דער אידישער ליטעראַטור

„פוילען" — פון מנחם.

מנחם'ס „פוילען" פיהרט אונז אריבער אין אַ גאַר אַ נייער וועלט. אונזערע פּאָעטען זיינען מעהרסטענס ליריקער פון אינטימע שטימונגען און שטילע פּערזענליכע געפיהלען. מנחם'ס „פוילען" בעהאַנדעלט אַ געזעלשאַפט־ליכע פּראָבלעם און דריקט אויס געזעלשאַפטליכע געפיהלען. אונזערע מעהר־סטע פּאָעטען ריידען אויף אַ שפּראַך פון צאַר־טע, פּער'חלום'טע קלאַנגען. מנחם'ס שפּראַך איז פעסט, האַרט, פּלאַסטיש, פול מיט מעטאַל. יענע דערצעהלען, מנחם שטראָפט מיט גאַל און בלוט און ביטערען שפּאָט.

פוילען! דאָס היינטיגע אַנטיסעמיטישע, באָיקאָטיסטישע, קלעריקאַלע פוילען, ריכטיגער: די הערשענדע קלאַסען פון דעם לאַנד! וואָס פיהלט צו זיי דער אידישער אינטעליגענט?

געוועזן אַ צייט, דערצעהלט אונז מנחם, ווען ער אליין, אַ ליטווישער איד, איז צום ערשטען מאָל געשטאַנען אויף דער פוילישער ערד. ער האָט נאָך דאָס לאַנד ניט געקאַנט, נור ער האָט שוין געשפּירט צו דעם אַ ליעבע. ער האָט געוואוסט: דאָס פוילישע לאַנד איז אונטערדריקט, די פוילישע פערגאַנגענהייט ליעגט שטום, אַ גרויסער טרויער בעהערשט דאָס פאָלק. און ווער קען נאָך אַזוי מיטפיהלען יענעמס אומגליק, ווי דער איד?

און כ'האָב געפיהלט אַזוי, ווי דער, וואָס
ד'אַלטע קלאָג
האָט איהם שוין טויב געמאַכט אין וועה
טהאָן טאָג אויף טאָג,
צום יונגען, אין זיין שמערץ נאָך ניט
פערשטיקטען, ברודער פיהלט.
נאָך ניט דיין שפּראַך געקענט — און ס'איז
שוין מילד
געוועזן איהר קלאַנג פאַר מיר...

ער האָט געוואָלט לעבען אין פוילען, מיט פוילען, ער איז געוועזן גרייט צו בענשען דאָס דאָס לאַנד פאַר דעם גליק, וואָס איז איהם, דעם וואַנדרער, דאָ בעשערט.

ער האָט דאָס ניט געטהאָן. און ער האָט דאָס ניט געדאַרפט טהאָן. צו טייער האָ־בען זיינע ברידער בעצאָהלט פאַר דעם „גליק" צו לעבען אין פוילען. ער דערמאָהנט זיך, ווי די עדעלע דאַמע, די פוילישע אַריסטאָקראַטיע, פלעגט

פון פּאַלאַץ־גאַניק צוקוקען, ווי אָנגערייצטע הינד
די ליטקעס רייסען פון צושראָקענע, וואָס לויפען
אַזוינע שרעקליך־לעבערליכע אינ'ם פּאָלעס־
פלאַטער.

ער דערמאָהנט זיך, ווי דער איד איז גע־שטאַנען פאַר'ן פריץ:

געבויגען קאַרק און קניה, אין אויג אַ
שמייכעל גרייט,
דער רוקען וואַרט אויף שמיץ, דאָס מויל צום
קוש בערייט, —
דאָס איז געוועזן דער קנעכטען־פּרייז פון
דורות הונדערט.

דער פוילישער פריץ איז געוועזן צו פויל צו אַרבייטען, צו צאַרט, צו איידעל, זיין ווייבער־זין איז געוועזן צו שוואַך. ער האָט פער־טרויט דעם אידען זיין וואַסער, זיין וואַלד און פעלד — דער איד זאָל פאַר איהם אַרבייטען, דער איד זאָל פאַר אַן אָרים שטיקעל ברויט היטען זיינע אוצרות און זיי פערמעהרען. וואָס זשע האָט זיך אויסגעלאָזט?

האָסט זיך גענאַרט—זיי האָבען דיך בע'גנב'עט,
פוילען!
צום ברויט — אַ פּאָדים פלייש בעהאַלטען
פאַר'ן שבת־טיש,
צו חתונות—פון דיינע פעסער אָבגעשפּאָרט די פיש,
געטרונקען וויין—פון קדוש־ און הבדלה־בעכער,
געצירט זיך און געפּוצט — אַ שויטעל אויפ'ן
קאָפּ דעם ווייב,
פאַר זיך און קינד אַ טלית־קטן אויפ'ן לייב,
און אוצרות אָבגעשפּאָרט פערבאָרגען אין די
לעכער —
צעהן איילען לייוונד זיך צו טהאָן דאָס
לעצטע רעכט...

און אז דער פריץ האָט שפּעטער דער־הערט אינ'ם אידישען טייסטער וואו ניט וואו דעם קלאַנג פון גאָלד, האָט ער מוחל געוועזן אויף זיין שטאָלץ, אויף זיין ריטערליכקייט, און האָט מיט ווייבליך־ווייכער שפּראַך, מיט זיסער ווייבער־שטים גענומען חנפ'ענען דעם רייכען אידען.

און דער, וואָס נעכטען ערשט האָט בלויזען
רוקען גרייט
געהאַלטען פאַר די שמיץ פון קוטשער'ס האַנד,
האָט היינט, בעגליקט פון שמייכעל דיין, מיט
דיר באַנאַנד

זיין טאכטער און דיין זוהן צום כלה־בעט בעגלייט.

עס זיינען אוועק יאהרען, אלצדינג אין פוילען האט זיך געביטען. אבער דער גייסט פון חניפה, פון פאלשקייט, פון צביעות איז געבליבען.

פוילען, א געעלטערטע אקטריסע, מיט טיעפע קנייטשען אויפ'ן פנים, מאכט נאך אלץ חנ'דעלאך, שפיעלט פאר דער וועלט די דראמע פון געפלאגטע, טהוט אן איהרע אלטע, פון ווייןבעפלעקטע, פריצישע קליידער און לאזט זיך איבער די הויפען פון די מעכטיגע — בעטלען א פאלשען צוזאג, א בעדייטונגספולען וואונק אויף דעם, וואס ס'קען צוריק שוין ניט קומען.

און אין דער היים ביי זיך האט זי זיך ארומגעקוקט: מען האט זי בע'גנב'עט. איהר געוועזענער דיענער, דער איד, האט זיך פערגונען אויך צו לעבען. דער איד האט אויך געוואלט עסען א שטיקעל ברויט. און ניט נור דאס: דער איד האט געוואגט צו בלייבען א א י ד, די קנעכטשאפט האט אין איהם ניט אויסגעראטען דאס געפיהל פון אכטונג צו זיך אליין. דאס קען די אלטע אקטריסע, פוילען, ניט פערגעבען, און זי שרייט: א גנבה! זי צאהלט פאר יעדערער פריהערדיגער נעביך־טרעהר, מיט וועלכער זי האט, כלומר'שט, מיט־געפיהלט דעם אידען, מיט זיעבען הויפען האס.

מיט א בייסענדער איראניע מאלט מנחם דאס בילד פונ'ם איצטיגען פוילען.

די פינגער פריצישע שוין איינגעטונקט אין הערינג־פאס,
דאס זיידען קלייד שוין איינגעריכט אין שענק ביים ביער,
די עד'לע האנד צוראצט ביים ערדענעם געשיר —

און דאך האפט זי נאך, טאמער וועט אימיצער זיך בעוויזען און קושען מיט חניפה איהר קלייד און זי בעטען אום פערצייהונג, און ס'וועט אויף איין מינוט ערוואכען דער חלום, אז זי האט זיך אומגעקעהרט צו אמאליגע צייטען. אומזיסטע האפנונג! קיינער קומט ניט מיט קיין ודוי פאר זיין שולד. די געדולד ביי דער אלטער פלאצט.

מנחם'ס גליהענדיגע סאטירע ענדיגט זיך דאך מיט א האפנונג, אז ס'וועט קומען די צייט, וועןביידע פעלקער וועלען שלום ווערען. דאס וועט זיין דעמאלט, ווען דאס פוילישע פאלק וועט זיך אומקעהרען צום ריינעם גלויבען, „צום שטילען גאט", וואס האט געבראכט די נבואה פון שלום.

מיר וועלען אין דעם פרט ניט מסכים זיין מיט'ן דיכטער. מיר גלויבען אויך, אז די ברידערשאפט פון אידען מיט פאליאקען אויף פוילישער ערד וועט אמאל קומען. אבער מיר ווייסען, אז דאס וועט געשעהען ניט דורך גאט און זיין נבואה, נור דורך געזונדע סאציאלע קרעפטען, וואס בויען די נייע מענשהייט. מיר קענען אויך ניט מסכים זיין מיט מנחם'ען, ווען ער מישט־אוים פוילען מיט די הערשענדע קלאסען, דאס פאלק מיט זיינע פערפיהרער.

אבער דאך מוזען מיר מודה זיין, אז דאס ווערק „פוילען" איז א וויכטיגע ערשיינונג אין אונזער ליטעראטור. דער עיקר — דאס איז א נ י י ע ס. אחוץ, אפשר, ביאליק'ן אין זיינע פאגראם־ליעדער, האט מען זיך ביי אונז זעלטען געפרובט אברופען מיט פאעטישע ווערק אויף די טאג־פראגען, אויף די געזעלשאפטליכע פראבלעמען.

מנחם האט זיין אויפגאבע ערפילט מיט ערפאלג. אין זיינע הארטע, ווי פון שטאהל געשמידטע שורות, גליהט א שטארקער אינוועניגסטער פייער. זיינע בילדער זיינען גוט, זיינע כאראקטעריסטיקען אומעטום שארף און ריכטיג. זיין פאטאס שטאמט פון אן איינגעהאלטענעם, פערביסענעם צארן און ווירקט מיט קראפט אויף די לעזער.

דאס ווערק וועט בלייבען אן אנדענק פון די איצטיגע שטימונגען אין פוילען. עס איז אבער ניט קיין פובליציסטיק. עס איז א נייער ארט פאעזיע ביי אידען: געזעלשאפטליכע מאטיווען בעהאנדעלט אין א בילדעררייכער, קינסטלערישער פארם.

לייוויק האלפער

* * *

געהט א מיידעל אויפ'ן בריק,
אויפ'ן בריק,
איהרע אויגען זוכען גליק,
זוכען גליק,
ווארפען אום זיך הין און הער,
הין און הער,
און פערלויפען מיט א טרעהר,
מיט א טרעהר...
בלייבט דאס מיידעל לאנג פערטראכט,
לאנג פערטראכט, —

א יתומה אין דער נאכט,
אין דער נאכט,
אזוי שווער איז געהן צוריק,
געהן צוריק —
בויגט זי איין זיך איבער בריק,
איבער בריק...
שווימט זיך ערגעץ ווייט א שיף,
ווייט א שיף,
און דער וואסער — אזוי טיעף,
אזוי טיעף...

יהודה יפה

דער פנקס

(קריטישע אבהאַנדלונג)

2. ב. באָראָכאָוו. — די ביבליאָטעק פון׳ם אידישען פילאָלאָג. — 400 יאָהר אידישע שפּראַך־פאָרשונג.

אין מיינע אויגען געפינט זיך דער וויכטיגסטער שטיקעל אַרבייט אין הינטערהויף פון פנקס. איך מיין באָראָכאָוו׳ס 2טען אַרטיקעל. ער פערנעהמט 68 זייטען און אונטער 501 נומערן גיט ער די נעמען פון איבער 500 ביכער און אַרטיקלען, וואָס האָבען שייכות צו אידישער פילאָלאָגיע. באָראָכאָוו האָט זיי איינגעטיילט אונטער די געהעריגע קעפּלאַך און אין מיינסטע פאַלען גיט ער איבער בקצור, וואָס דער נומער ענטהאַלט. עס איז אַן אוצר פון ידיעות איבער דעם גאַנצען פעלד פון אידיש, און באָראָכאָוו׳ן קומט דער גרעסטער דאַנק פאַר זיין טרחה, ווייל דאָס וועט באַקענען מיט דעם, וואָס איז שוין אויפגעטהאָן אין דער אידישער שפּראַך־וויסענשאַפט, א סך מענשען, וואָס האָבען ניט דעם מזל צו וואָהנען אין אַזוינע צענטרען ווי מיונכען, פראַנקפורט אָדער ווין, אָדער האָבען ניט די צייט צו גריבלען זיך, זוכענדיג די ידיעות.

ווי שווער עס איז געווען אויסצוזוכען און צונויפצושטעלען דאָס מאַטעריאַל אפילו פאַר באָראָכאָוו׳ן (מיט זיינע אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייטען דערצו) קאָן מען זעהען פון דעם, וואָס 99 נומערן זיינען באַצייכענט מיט א שטערנדעל (*), ד. ה., אז באָראָכאָוו אליין האָט ניט געזעהן אַן ערך 20% פון זיין מאַטעריאַל.

נאַטירלעך, זיינען פאַראַן א פּאָאַר חסרונות, און פיעל קען פערבעסערט ווערען אין ווייטערדיגער אַרבייט. פּשוט׳ע קאָרעקטור־גרייזען זיינען דאָ צעהנדליגערווייז, אָבער זיי זיינען נאָך א האַלבע צרה. נור נומער־גרייזען וועל איך ספּעציעל דערמאָהנען, ווייל זיי קענען גרינג פערפיהרען דעם, וואָס באַנוצט באָראָכאָוו׳ס פיינע אַרבייט. אונטער נומ. 335 מוז עס זיין: Wiener, נומ. 125, ניט 123. אין פוס־אָנמערקונג (ז. 31), דאַרפען שטעהן די נומערן 335־334 און ניט 309־310. נומ. 377 (דאַרף שטעהן: דאָס נייע לעבען, נ׳53,8 און ניט נ׳6) איז דערזעלביגער אַרטיקעל ווי נומ. 383.

גראַד אין דעם פאַל איז דאָס ניט קיין גרויסער חטא, נור עס בעווייזט, ווי ווייניג מען קען זיך פערלאָזען אויף פרעמדע ידיעות (ביידע נומערן האָבען א שטערנדעל (*)!). צו וועלכע צרות מען קען קומען פון פערלאָזען זיך אויף אַנדערע, האָט באָראָכאָוו אליין אָנגעוויזען אין די נומערן 313־312b — „א פילאָלאָגישע און ביבליאָגראַפישע מיספערשטעהעניש". ער בעווייזט, אז אברהם אליהו הרכבי (נומ. 313) האָט זיין ניינטע ראיה, אז אידען האָבען אמאָל גערעדט רוסיש („היהודים ושפת הסלאווים", ווילנאַ 1867, ז. 37) גענומען פון א טעות אין צונץ׳ן.

די נומערן 557־556 זיינען גרייזען פאַר 457־456. אין דעם תוכן, ז. 68, מוז זיין 403־394, 404־a 412, שטעהט אָבער 402־394, 403־ 412a.

דער אַרטיקעל איז גענומערירט דורכאויס. טאָ וואו איז דער שכל (אין די הוספות און פערבעסערונגען, ד. ה. נומ 501־459) אָנצואווייזען למשל אזוי: „צו ב, III, 1: ביבליאָגראַפיע אין ענגען זינען" און ניט צושטעלען נומ. 272־239, ווייל עס איז א ווירקליכע מאַטערניש צו געפינען קעפּלאַך וואָס זיינען געדרוקט מיט פיצינקע אותיות — קעפּלעך מוזען זיין אזוי געדרוקט, אז זיי זאָלען שפּרינגען אין אויג אריין.

צווישען די זאַכען, וואָס זעהען מיר אויס מאָדנע איז, למשל, דאָס, וואָס דאָ אין ניו יאָרק פערמאָג איך די נומערן 34־335 (ליפשיץ), 336 (דרייזין), 339־337 (הרכבי) און 476 (בן יעקב), אידישע ווערטער־ביכער — אלע, און באָראָכאָוו, אין איראָפּאַ, האָט זיי ניט געזעהען.

נומער 110 איז גרינבוים׳ס „אידיש־דייטשע כרעסטאָמאַטיע" (זי האָט נור 587 און ניט 5879 זייטען, ווי ס׳שטעהט דאָרט בטעות). עס וואָלט אפשר ניט געווען קיין עולה דאָ אויך דערמאָהנען זיין „אידיש־שפּאַנישע כרעסטאָמאַטיע" (פראַנקפורט אַן מיין, 1896).

אונטער נומ. 340, בערנשטיינ׳ס „אידישע שפּריכווערטער"... איז ניט דערמאָהנט די וואַרשעווער אויסגאַבען (1908 און 1912) אָהן לעטייניש טראַנסקריפּציע און ווערטערבוך, און די קליינע אויסגאַבע (1908).

ווייטער דערמאָהנט באָראָכאָוו קיין איינציגע מיטלהויך־דייטשע גראַמאַטיקע אָדער ווערטערבוך; ניט גרימ׳ס און ניט קיין אַנדערן דייטשען ווערטערבוך; ניט שמעללער׳ס בייערישען ווערטערבוך; ניט די רוסישע — דאַל׳ס און דעם אַקאַדעמישען; קיין ווייס־רוסישען, קליין־רוסישען אָדער פּוילישען ווערטערבוך. מעגליך האַלט עס באָראָכאָוו פאַר א בעזונדערען אָבטייל פון אַנאַנדער אַרטיקעל, — טאָ פאַרוואָס דערמאָהנט ער (נומ. 495) J. Karłowicz, Słownik gwar polskich (1900)?

3. ב. רובינשטיין. — „די אַמאָליגע שפּראַך פון אידען אין די רוסישע געגענדען“.

ה׳ רובשטיין וויל דערווייזען, אַז א. הרכבי׳ס טענה וואָס אידען אין רוסלאנד האָבען גערעדט סלאַוויש (רוסיש) ביז סוף 16טען אָדער אפילו אין אָנהייב 17טען יאָהרהונדערט איז ריכטיג. צו ה׳ס 9 ראיות (פון וועלכע רובשטיין אַליין צו־שלאָגט עטליכע) לייגט ער צו נאָך אַ פּאָר אייגענע צו דערווייזען, אַז ש. דובנאָוו איז ניט גערעכט.

דובנאָוו האָט אין 1909 אנגעשריעבען אַ מאמר „די אומגאַנגסשפּראַך פון די פּויליש־ליטווישע אידען אין 16טען און דער ערשטער העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט“ אין דעם זשורנאַל Еврейская Старина, 1909 I דאָרט האָט ער דערוויזען אָהן היץ און אָהן פּאָלעמישע קונצען, אַז די אידען האָבען דאַן אין יענער געגענד בפּרוש גענוצט אידיש אין זייער פאַרקעהר אייגער מיט דעם אַנדערן. אין זיין אַרטיקעל, וואָס פאַרנעהמט 34 זייטען האָט ער געגעבען צעהנדליגע לאַנגע ציטאַטען פון שאלות ותשובות, קהל־אויפרופען, פּנקסים און ספרים — אַלע אין אידיש — און אָט די פּאַקטען וויל רובשטיין מיט איין מאַך אָפּמעקען.

זיינע אייגענע ראיות זיינען: 1) וויי־בערשע נעמען אויף a, ווי באָגדאנאַ, חאצקאַ: „פון אַלע מזרח־אייראָפּעאישע שפּראַכען האָט די דאָזיגע אייגענאַרטיגקייט נאָר די סלאַווישע שפּראַך“. (ז. 32). צי די אידען זיינען געקומען אין דרום רוסלאַנד פון ביזאַנטיום איז רובשטיין אַליין ניט זיכער. אויב יע, איז האָבען דאָך די אידען דעם נאָמען טאדרת פון גרעקיש Theodoros (רוסיש Θеодоръ) ד. ה. דער גאָט־געגעבענער, אָדער אין רוסיש Богданъ נו און דער ווייבערשער נאָמען איז געווען Theodora ד. ה. אקוראַט Богдана, היינט וואָס איז דאָ גאָר צו ריידען וועגען דעם אונטערשייד צווישען מזרח און מערב?

2) די קאָרעספּאָנדענץ צווישען צוויי „מיטניקעם“ (ארענדאַטאָרס פון די צינזען) וואָס מען האָט אפילו פאַרשריעבען אין די שטאַאַטס־ביכער. אויף דאָס זאָגט דובנאָוו ריכטיג אין זיין ענטפער רובשטיין׳ען, אַז זיי האָבען געשריעבען רוסיש כדי מען זאָל די בריף און די ביכער אַריינשטעלען.

3) אַ בריף „מיט אידישע אותיות“ פון תּאָזע קאַקאַס ווערט דערמאָנט פון דעם רוסישען גרויס־פערשט, Иванъ Васильевичъ וואָס קאַקאַס האָט איהם געשריעבען פון קרים. צו די ווערטער „זשידאָווסקים פּיסמאָם“ מיינט די אותיות אָדער טאַקע די שפּראַך, איז דאָ אקוראַט ניט די הויפּטזאַך. די וויכטיגסטע זאַך דאָ איז וואָס דאָס איז אָפּיציעלע בריף, אָדער דאָקומענטען אין פאַרקעהר מיט רוסישע אמטען און דאָס מיינט גאָר ניט די אומגאַנגסשפּראַך, דעם מאַמע־לשון. מיין זיידע ז״ל, פלעגט מיט אַ יאָהר 50—60 קעריק האַלטען אין איין שרייבען „פּראשעניעס“ קיין פּעטערבורג פון די „קאַלאָנעס“ און פאַרשטייט זיך ניט „זשידאָווסקים פּיסמאָם“ נאָר טאַקע „רוסקים פּיסמאָם“ און „פּאָ־רוסקי“. און מיינט איהר אַז דערפון איז געדרונגען אַז מיט 50—60 יאָהר קעריק „איז די מוטער־שפּראַך פון אַ געוויסען טייל אידען אין „די קאַלאָנעס“ געווען רוסיש“? אַז מיין זיידענס אומגאַנגסשפּראַך איז געווען רוסיש? אַ נעכטיגער טאָג! איך געדענק גאַנץ גוט אַז ער פלעגט קיינמאָל ניט אַ געשריי טאָן ביים טיש: Руки долой! Не то я выпорю! נאָר דוקא: „יודקע! די הענט אַרונטער פון טיש — אָדער איך נעם באַלד די יאַרמאָלקע!“ (זי איז געווען זיין קאַנטשעק.)

און גראַד אָט אַזאַ באַשלוס מאַכט ה׳ רובשטיין. ער זאָגט:

„פון אָט דאָס אַלץ איז צו זעהן, אַז נאָך אין 16טען יאָהרה. האָבען אַ טייל אידען אין די רוסישע געגענדען געפיהרט זייער קאָרעספּאָנדענץ, געשריעבען געשעפטס־אָבמאַכונגען און אַנדערע דאָקומענטען אין רוסיש — גאַנץ אָפּט מיט׳ן אידישען אַלף־בית — און דאָס, נאַטירליך, איז דער בעסטער בעוויז, אַז נאָך אין 16טען יאָהרהונדערט איז די מוטערשפּראַך פון אַ געוויסען טייל אידען אין די סלאַווישע געגענדען געווען רוסיש.“ (ז. 35.)

אַזאַ באַשלוס הייסט אין לאָגיקע non sequitur אָדער אין פּשוט מאַמע לשון: „סי ניט געדרונגען!“

דעריבער בלייבט ה׳ דובנאָוו ביי זיין מיינונג, — ווילע קרים און מאָסקווע זיינען ניט פּוילן און ניט ליטא, און דער 15טער יאָהרהונדערט איז ניט 15טער אָדער 17טער.

איך וואָלט נאָר צו דערצו באַמערקט, אַז ה׳ דובנאָוו האָט כמעט דערוויזען מעהר איידער ער האָט זיך אונטערנומען: דער בוי פון אידיש און אַזוינע דאָקומענטען ווי שו״ת ר״של, נום. 4 (1556 אָדער 1546) אָדער אין נום. 21. איז אַ סך מעהר ווי היינטיגע אידיש איידער די אַלטע שריפטען פון אפילו שפּעטערע צייטען וואָס געפינען זיך אין גרינבוימס אידישע כרעסטאָמאַטיע. און וואָס באַטייט עס? אַז די אידיש פון יענע דאָקומענטען איז פיעל עלטער פון גרינבוימס מאַטעריאַל. עס באַווייזט, אַז אידיש האָט שוין צו יענער צייט דורכגעמאַכט אין מויל פון המון אין פּוילן אַ סטאַדיע אַנטוויקלונג, וועלכע די מחברים האָבען געמוזט אָנקוקען פאַר אַ פּערדאָרבענקייט און זיי האָבען זיך דעריבער געסטאַרעט ווי ווייט מעגליך צו שרייבען הויכטייטש. איך בין זיכער, אַז מיט דעם מאַטע־

ריאל וואָס ה׳ דובנאָוו האָט אָנגעזאמעלט אין זיין ארכיוו וואָלט איך געקענט דערווייזען מיט ריין־לינגוויסטישע ראיות, אז ארום 16טען יאָהרהונדערט האָבען די אידען וואָס האָבען זיך באזעצט אין פוילען און ליטא אין די ערשטע צוויי איינוואנדערונגס־עפּאָכעס — 12טען און 14טען יאָהרהונדערט (יעוור. סטארינא, ז. 8.) האָבען שוין אויסגעארבייט א היבש ביסעל פון דער פאנעטיק פון יעצטיגען פּויליש־אידיש, און אז די דריטע כוואליע אידען איז אָנגעקו־מען אהין, האָט דאָס געגעבען דעם יעצטיגען ליטוועש־אידיש.

אבא אסטראָווסקי

מלחמה אין דער מאלעריי

די מלחמה האָט פערנומען א גרויסען פּלאַץ אין דעם לע־בען פון פעלקער, און שוין דערפאַר אליין האָט זי זיך געמוזט אָבשפּיגלען אין דער קונסט. די קונסט איז די שפּראַך, וואָס דער מענש האָט פערשטאַנען, ווען ער איז געוועזן נאָך זעהר נאָהענט צו דער חיה. ווען ער האָט נאָך קיין אנדער קיין געוועהר ניט געהאַט ווי שטיין און זיין וואוינונג איז געווען א הייהל, האָט ער שוין געפּרובט איבערגעבען זיינע איינדריקע מיט געוויסע צייכנונגען אויפ׳ן שטיין און אויף די ווענד פון זיין הייהל.

ווי משונה זאָל דאָס ניט קלינגען, דער מענש האָט שוין דאַן פערמאָגט אן עסטעטישען געפיהל. א ראיה האָבען מיר דערפון, וואָס דער ווילדער האָט גרויס חשק געהאַט זיך צו פוצען. ער פלעגט זיך מאַכען איינשטעכונגען און איינקריצונגען און אָנטהאָן זיך פערשיע־דענע ענוים, אבי זיין קערפּער זאָל צופריעדען שטעלען זיין געשמאַק. ווען ער פלעגט זיך צוריקקעהרען פון שלאַכט, פלעגט ער מיט־נעהמען די שאַרבענס פון די בעזיעגטע שונאים און אויסהיינגען ביים אריינגאַנג פון זיין וואוינונג — שעהן זאָל עס זיין! דער מענש־ליכער שאַרבען איז דאָס ערשטע מלחמה בילד...

די ערשטע שפּורען פון קונסט ביי א קולטורעלען פאָלק מערקען מיר אין עגיפּטען. דאָס לאַנד האָט זיך רעגיערט לויט מעהר אָדער ווייניגער בעשטימטע געזעצען און האָט אויך געהאַט אן אַרמעע. און די סקולפּטורען און בילדער שילדערן קריעגס־עפּיזאָדען — שלאַכ־טען; בעזיעגטע, וואָס בריינגען זייערע צינ־זען צו פּרעה. די פּרעה׳ס פלעגען בעדעקען זייערע אונגעהייערע דענקמעלער מיט בעגיי־סטערטע בעשרייבונגען פון זייערע נצחונות: וויפיעל שונאים זיי האָבען דער׳הרג׳עט און וויפיעל גענומען געפאַנגען — און אויך זיי בע־פוצען מיט בילדער און סקולפּטורען. אזוי ווי די עגיפּטישע אַרמעע איז הויפּטזעכליך בעשטאַ־נען פון פוס־געהער, האָבען די קינסטלער קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו שטודירען בעווע־גונג. זעהען מיר טאַקע, אז זייערע סקולפּטו־רען און בילדער פעהלט בעוועגונג. די פאָרמען זיינען צוגעטראַכטע און פערגליווערטע.

שוין אנדערש איז אין אסיריען. די אסי־ריער האָבען געהאַט שטענדיג צו קעמפּפען מיט זייערע שכנים פון די בערג, האָבען זיי געמוזט ענטוויקלען א שטאַרקע אַרמעע. ביי זיי זעהען מיר שוין דעם אָנפאַנג פון מיליטאַריזם, און דער הויפּט־טהייל פון זייער אַרמעע איז קאַוואַ־לעריע. זייערע פיגורען איבערראַשען אונז דערפאַר מיט זייער קריעגערישקייט און בעוועג־ליכקייט. ווען מיר פערגלייכען למשל צוויי בילדער מיט דעמזעלבען סוזשעט ביי די עגיפּ־טער און אסיריער — ווי די בעזיעגטע טראַגען זייערע צינזען צום זיעגער — וואַרפט זיך עס גלייך אין די אויגען. די אסיריער קענען יעדען מענשליכען קעהר און בויג.

די גריכישע קונסט האָט געבראַכט די פאָרם צו פאָלקאָמענהייט, און די פאָלקאָמענע פאָרם איז שטאַרק אויסגענוצט געוואָרען צו לויבען און צו ריהמען די גריכישע פאָלקס־העל־דען. שפּעטער, ווען גריכענלאַנד איז אַרונטער אונטער דער מאַכט פון רוים, האָט די קונסט געזונגען דעמזעלבען שבח צו די עראָבערער און זייערע אַרמעען. גריכישע קונסט־דענקמעלער אויף מלחמה־סוזשעטען זיינען אַזוי פיעל, אז מיר קענען זיך דאָ אויף זיי ניט אָבשטעלען.

ווען קריסטענטום האָט איינגענומען איי־ראָפּאַ, האָט זיך די קונסט געשטעלט דינען דער קירך. פון מלחמה־בילדער האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. דאָס האָט געדויערט

ווייערץ. — „נאַפּאָלעאָן אין גיהנום“

1000 יאָהר. ערשט אין 15טען יאָהרהונדערט, אין דער עפּאָכע פון ערוואַכונג, „רענעסאַנס“, זעהען מיר די גרעסטע קינסטלער פון יענער צייט — ליאָנאַרדא דא ווינטשי און מיקעל אַנדזשעלאָ — שטאַרק בעשעפטיגט מיט געמעלדען פון דער קריעגס־געשיכטע פון פלאָרענץ.

עכטע מלחמה־מאַלער, באַטאַליסטען אין ענגען זין פון וואָרט, האָבען זיך בעוויזען צום סוף פון 18טען און אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט. פריהער פלעגען מאַלער זיך נעהמען צו מלחמה־טעמעס בלויז צופעליג. ערשט אין נאַפּאָלעאָנ'ס צייטען, אָנגעצויגען פון נאַפּאָלעאָנס מעכטיגער פּערזענליכקייט, האָבען מאַלער, צווישען זיי אויך גאַנץ גרויסע, געווענדט זייער ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צום שלאַכטפעלד. נאַפּאָלעאָן איז אויך אַן אָנגעזעהנע פיגור אין דער געשיכטע פון קונסט. ווען ער איז געגאַנגען זיין טריאומף־מאַרש איבער אייראָפּאַ, איז אין פראַנקרייך אויפגעקומען א גרופּע מאַלער — ווערנע, טשאַרלע, ראַפּפעט און אַנדערע — וועלכע האָבען דעם טריאומף־מאַרש איבערגעטראָגען אויפ'ן לייוואַנד. זיי האָבען אָנגעהויבען און פערענדיגט די אַזוי גערופענע נאַפּאָלעאָניסטישע פּעריאָדע אין דער קונסט.

די רעגיערונג האָט פול געמאַכט מיט זייערע בילדער די קייזערליכע קונסט־גאַלעריען פון ווערסאַל — הויפּטזעכליך מיט די בילדער פון ווערנע. ווערנע שטעלט נאָך אויס זיינע פיגורען זעהר טעאַטראַליש, אין זיין בעהאַנדלונג פון מלחמה פיהלט זיך נאָך שטאַרק דער אַלטער שאַבלאָן, אָבער ער האָט שוין דעם פערדיענסט, וואָס ער וואַרפט אַוועק דעם אַלטען מנהג פון די „פאַלשע“ קלאַסיקער (נאָכמאַכער פון די אַלטע קלאַסישע מוסטערן) — אָנצוטהאָן די העלדען אין רוימישע קיטלען. ווערנע'ס קריעגער זיינען ניט קיין רוימער, נור אמת'ע מאָדערנע סאָלדאַטען.

טשאַרלע און ראַפּפעט זיינען נאָך נעהענטער צוגעגאַנגען צו דער ווירקליכקייט. טשאַרלע האָט געגעבען א רייהע כאַראַקטעריסטישע טיפּען פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. ראַפּפעט, א טעמפּעראַמענטפולער ענטוזיאַסט, האָט זיך הויפּטזעכליך אָבגעשטעלט אויף דער פיגור פון נאַפּאָלעאָן, וועלכען ער האָט געמאַלען מיט גרויס סימפּאַטיע.

ווען די נ אַ פּ אָ ל ע אָ נ י ט ע ן האָבען

דעטאַל. — „די פערטיידיגונג פון שאַמפּיני“

זיך אפילו בעפרייט פון מאַנכע שלעכטע געװאוינהייטען פון די „פאַלשע“ קלאַסיקער, איז אָבער זייער עצם־בליק אויף דער מלחמה געבליבען דערזעלבער. די „פאַלשע“ קלאַסיקער האָבען געקוקט אויף דער מלחמה מיט די אויגען פון די עגיפּטער, אַסיריער, גריכען און די ריטער פון מיטעלאַלטער. דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דער צייט איידער פּולווער איז ענטדעקט געװאָרען. דער אויסגאַנג פון א מלחמה האָט זיך געװענדט אָן דעם פערזענליכען מוט, דרייסטקייט און פלינקייט פון די קעמפּפענדע. דערפאַר פלעגען די מאַלער אויסקלייבען די שטאַרקסטע מאָמענטען פון קאַמפּף, כדי אַרויסצושטעלען די טהאַטען פון די דרייסטעסטע. אין דער מאָדערנער מלחמה אָבער שפּיעלט די הויפּטראָלע דער האַרמאַט, ער טהוט כמעט די גאַנצע אַרבייט. דער מאָדערנער סאָלדאַט זעהט ניט דעם שונא, מיט װעמען ער שלאָגט זיך. עס איז ניטאָ מעהר אַזאַ „נאָכפראַגע“ אויף פערזענליכען מוט. דער סאָלדאַט

מייסאָניע — „פרידלאַנד“

ר. מאַנסאָ — „די קללה פון דעם טויטליך פערוואונדעטען“

איז בלויז אן איינצעלנער אין א מחנה, וואָס פּאָלגט דעם בעפעהל פון איהר הויפּט, וועלבער פיהרט אוים א געוויסען פּלאַן.

און די נאַפּאָלעאָניטען, כאָטש זיי האָבען אונז געוויזען דעם אויסערן אויסזעהן פון מאָדערנעם סאָלדאַט, האָבען זיי אָבער די מלחמה פערשטאַנען אַלט־מאָדיש — פאר זיי איז די מלחמה נאָך אַלץ געווען א העלדישע שטיקעל ארבייט פון איינצעלנע. ראַפּפּעט איז שוין געווען דער מאָדערנסטער פון זיי אַלע אין דער בעהאַנדלונג פון מלחמה, אָבער דורכצופיהרען א גרינדליכע רעפאָרם איז בעשערט געווען א נייער נאָך מעהר בעריהמטער רעאַליסטישער גרופּע פון פראַנצויזישע באַטאַ־

מאַנזש — „דער לעצטער פון באַטאַליאָן“

מ. מיימאַן — „צוריק אַהיים“

ליסטען, מיט מייסאָניע בראש. די נאַפּאָלעאָ־ניטען קענען בעטראַכט ווערען אַלס פאָרלויפער פון דער מייסאָניע־גרופּע.

מייסאָניע איז געבאָרען אין 1814, און צו איהם האָט זיך נאָך דערטראָגען דער אָבקלאַנג פון נאַפּאָלעאָנס הילכיגע טהאַטען. ער איז פון אָנפאַנג געווען א מאַלער פון לעבענס־בילדער, אָבער שפּעטער ווערט זיין פאַנטאַזיע פאַלשטענדיג פער'כשופ'ט פון נאַפּאָלעאָנ'ען. זיינע כאַראַקטעריסטישע מלחמה־סצענקעס זיינען דורכגעפיהרט מיט א מערקווירדיגער טרייהייט צו דער ווירקליכקייט, אזוי אז עס קומט אויס, אז זיינע בילדער זיינען שוין צופיעל אָנגעשאָטען מיט איינצעלהייטען. דע־נעוויל, אין געגענזאַץ צו מייסאָניע, שטעלט זיך מעהר אָב אויף עפעקטען און דראַמאַטישע מאָמענטען. איהם ציהט דער שוואונג פון מלחמה. ער לאָזט זיך אויך אריין א מאָל אין איינצעלהייטען, אָבער ער בעהאַנדעלט זיי פרייער. נאָך דע־נעוויל קומט דעטאַל. ער איז ווייניגער אויפריכטיג און ווייניגער אָריגינעל פון די ערשטע צוויי.

די באַטאַליסטען־רעאַליסטען זעהען שוין גאַנץ אַנדערש די מלחמה: זיי שענקען שוין אויפמערקזאַמקייט די „קליינע מענשעלאַך“, און ניט בלויז קסרים, העלדען און פיהרער. זיי זעהען דאָס וואָכעדיגע, פונקט ווי דאָס יום־טוב'דיגע פון דער מלחמה. די האַנדלונג קומט אָפט פאָר אויף די גאַסען פון שטעדט און אויף אין פּריוואַט־הייזער (ווי ביי דע־נעוויל). עס טרעטען אָפט אויף גאַנצע אַרמעען און אַרמעע־אָבטיילונגען, און דער גענעראַל געהט שוין ניט אין פאָראויס דער אַרמעע, נור ער שטעהט מיט זיין שטאַב אויף א זיכער'ן פּלאַץ הינטער דער אַרמעע, פון וואַנען ער שיקט זיינע בעפעהלען.

יאָ, די טאַקטיק פון מלחמה האָבען זיי שוין אויפגעפאַסט מאָדערן, אָבער עטוואָס פון אַלטען שטאַנדפּונקט קלעפּט נאָך צו זיי: זיי גלויבען נאָך אַלץ, אז די קוועלע פון מלחמה איז העלדישקייט, און איהר ציעל איז רוהם.

ערשט די נייעסטע מאַלער הויבען אָן צו זעהן די מלחמה גאָר אין א נייעם ליכט. מייסאָניע אויף זיין בילד „פרידלאַנד“ ווייזט אונז נאָך נאַפּאָלעאָנען, ארומגערינגעלט פון סאָלדאַטען, וועלכע בעגריסען איהם מיט ווילדען ענטוזיאַזם. — דער בעלגישער מאַלער וויערץ ווייזט אונז, פערקעהרט, „נאַפּאָלעאָנ'ען אין גיהנום“, ארומגערינגעלט פון די פרויען און מוטערס, וועלכע פערשילטען איהם פאַר די לעבענס פון זייערע מענער און זיהן, וואָס ער האָט אומגעבראַכט אום אָנצוזעטיגען זיין עהרגייץ. דער דייטשער מאַלער פראַנץ שטוק פערדאַמט די מלחמה דורך זיין סימבאָליש בילד — "מלחמה": גדלות און ברוטאַלע געוואַלט צוטראַמפּלען מענשליכע לעבענס*).

אָבער דעם שטאַרקסטען פּראָטעסט געגען מלחמה האָט אויסגעדריקט דער מאַלער, וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט אין פאָריגען נומער — וו. ווערעשטשאַגין.

*) זעה דאָס בילד פון פראַנץ שטוק אויפ'ן פאָדער־בלאַט.

ש. ראַבינאָוויטש

צווישען די ענגלישע זשורנאַלען

איהר געדענקט קרילאָוו׳ס פאַבעל וועגען דעם פויער און דער שלאַנג? די שלאַנג האָט אויף זיך ארויפגעצויגען אַ נייע פעל און געוואָלט דערמיט אָפּנאַרען דעם פויער. אָט אָן דער מעשה דערמאָהנט מען זיך, ווען מען לעזט אין דעם בכבוד׳יגען זשורנאַל „די סענטשורי“ פּראָפּ. ראָסס׳ ארטיקעל וועגען „די מזרח־אייראָפּעאישע אידען אין אמעריקא“.

פּראָפּ. ראָסס זוכט אַלץ ארויפצוציהען אויף זיך אַ פעל פון אַ אידען־פריינד, אָבער דער גיפטיגער אנטיסעמיט זעהט זיך אַלץ דייטליך אַרויס.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, זאָגט ראָסס, איז אין אמעריקא געוועזען אַן ערך פון 700 אידישע פאַמיליעס. אין יאָהר 1826 איז שוין געוואָרען 6000. אין 1840 — פופצעהן טויזענד. אין יאָהר 1848 — פופציג טויזענד. צו דער צייט פון דעם בירגערליכען קריעג — 150 טויזענד. אין יאָהר 1888, נאָך די פּאָגראָמען און די אידען־פערפאָלגונגען אין רוסלאַנד — 400 טויזענד. אין יאָהר 1899 זיינען שוין דאָ געוועזען ניט ווע־ניגער ווי איין מיליאָן מיט איין דריטעל.

צוליעב וואָס האָט זיך ראָסס מטריח געווען אויסצוזוכען די ציפערן וועגען דער אידישער בעפעלקערונג און וועגען דער אידישער אימיגראַציאָן? אַז דער פּראָפעסאָר האָט דאָ ניט אין זינן די ריינע וויסענשאַפט, נור עטוואָס אנדערש — דאָס זעהט מען גלייך פון דער פאָלגענדער בעמערקונג: ניט אומזיסט וואַרפען די ציוניסטען אַוועק זייער אידעאַל צו באַזעצען פּאַלעסטינא. זיי זיינען גערעכט. צוליעב וואָס דאַרפען זיי פאָהרען אין אַן אָרט, וואו מען ליידט הונגער, און וואו די בעפעלקערונג איז אַ האַלב ווילדע, בעת מען קען איבערפיהרען אַלע אידען נאָך אַמעריקא!

ווי יעדער דורכגעטריבענער אנטיסעמיט, זאָגט אונז דער פּראָפעסאָר אויך אַ היבש ביסעל שבחים — פון די געוועהנליכע, פון די אויסגעדראָשענע. ער רעדט וועגען די אידישע פעהיגקייטען, וועגען אידישען פאַמיליען־לעבען, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. אָבער וואָס העלפט עס! ביי אַלע אויסגעדראָשענע שבחים, זיינען די אידען נאָך אַלץ אַ נידעריגע אומה.

„די אידישע אימיגראַנטען“, זאָגט אונז ראָסס, „בעשעפטיגען זיך זעהר זעלטען מיט אַ פונדאמענטאַלע אַרבייט. אין ערד־אַרבייט, אין מינען־אַרבייט, אין בויען הייזער נעהמען זיי אַ קליינעם אנטהייל.“ זעהט איהר, אין מענעדזשען, קאָנטראָלירען און אויסהעלפען מיט געלד אָט די אויבען דערמאָהנטע ארבייטער — אויף דעם זיינען זיי יע בעלנים. די אונטערשטע שורה איז, אַז „זיי מעגען זיין אפילו אין דער גרעסטער אָרימקייט וועלען זיי דאָך זעהן אויסמיידען שווערע אַרבייט“.

ווילט איהר בעווייזע? אָט האָט איהר זיי:

„אין די 80טע יאָהרען האָט מען געגרינדעט פאַר אידען קאָלאָניעס. טראָץ דעם וואָס מען האָט זיי געגעבען הילפע, איז די גאַנצע אַרבייט געווען אַרויסגעוואָרפען . . . אין נויאָרק און אין ניי־ענגלאַנד זיינען פאַראַן מעהר ווי טויזענד אידישע פאַרמערס. דער גרעסטער טהייל פון זיי בעשעפטיגט זיך אָבער אַם מעהרסטען מיט ריעל־עסטייט, מיט האַלטען באָרדערס, מיט פעדלען... מיט איינקויפען אַלטע זאַכען . . . עס זיינען פאַראַן אין אמעריקא 6.000 אידישע פאַרמערס. זיי האָבען שוין אויך פעראייניגט אין אַ פעדעראַציע, זיי גיבען אַרויס אַ פאַרמער זשורנאַל. פון צייט צו צייט ווערען בעשאַפען נייע קאָלאָניעס . . . און דאָך בעאַרבייט בלויז איינער פון הונדערט די ערד . . .“

וואָס זשע טהוען זיי?

אַלעס פון וואָס מען קען מאַכען גרינג אַ לעבען און פון וואָס מען קען גרינג רייך ווערען.

אַ צוויי פינפטעל פון די אימיגראַנטען אַרבייטען ביי שניידעריי (איינע פון די גרינגסטע אַרבייטען!) אַ גרויסע צאָהל מאַכען אַ לעבען פון סיגאַרען (ס׳איז אויך אַ מחיה׳דיגע אַרבייט). און אַ חוץ דעם זיינען די אידען ספּעציאַליסטען בראַנפען דיסטילערס.

דאָס איז אַלץ גערעדט וועגען אידישען המון, וועגען די פּראָסטע אידישע אימיגראַנטען. „די מעהר אינטעליגענטע און מעהר פעהיגע אַרבייטען זיך אַרויף זעהר שנעל און ווערען מענעדזשערס פון טהעאַטערס, באַנקירען, די הויפט פיהרערס פון דעפּאַרטמענט סטאָרס. אַ גרויסע צאָהל פון די אידישע אימיגראַנטען בעשטעהט פון סיילסלייטע, קלוירקס, בילדינג־קאָנטראַקטאָרס“. ווער רעדט שוין וועגען די קינדער פון די אימיגראַנטען! אַמעריקא איז דאָך פשוט זייערע! „זיי טרעטען אַריין אין „סיוויל סערוויס“, אין פאַרשיעדענע פּראָפעסיאָנען. זיי ווערען די גאַנצע מאַכערס און פיהרערס אין דער פערוואַלטונג פון די גרויסע שטעדט. אויך אין דער פעדעראַלער ביוראָ האָבען די פעהיגע אידען שוין געקראָגען זעהר פיעל שטעלעס. צוליעב דער „טעסט סיסטעם“ שטופּען זיי אַרויס די איירישע פון דאָרטען. קיין נאַציאָן גיט דאָ ניט אַזוי פיעל פרויען טיטשערס, ווי די אידען“. היינט אונזערע 77 הויפּט אוניווערסיטעטען זיינען איבערפילט מיט אידישע באָיעס.

אין נויאָרק אַליין געפינען זיך פון 700 ביז 900 אידישע דאָקטוירים. דער סך הכל איז: דער גרעסטער טהייל פון די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקא האָבען פיינד צו אַרבייטען שווער,

זיי פארנעהמען די בעסטע און די גרינגסטע שטעטלעם, זיינען זעהר קארג און לעבען אין ארימקייט.

איצט געהט איבער ראסס צו דער מאראל פון די אידישע אימיגראנטען. מיט די ערשטע עטליכע שורות קען מען זיך פשוט קוויקען אזוי זיס זיינען זיי. „די אידישע אימיגראנטען פיהרען א ריינעם פאמיליען לעבען. זייערע פרויען האלטען זיך אויסגעצייכענט (דאס מיינט ווארשיינליך, אז זיי זיינען טריי זייערע מענער). זיי, די אידען, זיינען אימער גרייט אויסצוהעלפען זייערע אייגענע. זיי זארגען פאר ארימע לייט, און דער גייסט פון קארפאראציאן איז אין זיי שטארק ענטוויקעלט . . .“

איז דאך דוכט זיך גוט ? דאס אבער דוכט זיך נור אזוי. דאס האט מר. ראסס עטוואס בעצוקערט, כדי צו ווייזען זיך אונפארטייאיש „פעיר“. גלייך נאך די עטליכע שורות ווייזט זיך ארויס, אז די וואס האבען געהאט די מעגליכקייט צו בעקענען זיך מיט די אידישע אימיגראנטען פון מזרח איירא פא, האבען אויסגעפונען צווישען זיי זעהר פיעל שלעכטע זיטען. די אידען איז אלץ ווייניג, זיי וואלטען פערלאנגען אימער האבען בעסער און מעהר ווי אלע. אט צום ביישפיעל : טיטשערס דערצעהלען, אז די אידישע שילערס טרייען ארויסצוקריגען די בעסטע מארקס. נוירסעס דערצעהלען, אז „די אידישע מוטער פאדערט אימער עפעס עקסטרא“, מעהר ווי מען גיט יעדער געוועהנליכער מוטער.

נאר דאס איז נאך א קלייניגקייט. „די רעגיערונג׳ס אנגעשטעלטע בעקלאגען זיך, אז די מזרח אייראפעאישע אידען האבען קיין רעספעקט ניט פאר׳ן געזעץ און זיינען גרייט צו צוברעכען יעדע פעראָרדנונג, אויב נאר עס איז פאר זיי א שטערונג . . .“ היינט די אידישע סוחרים „באנקראטירען“ גאנץ אפט, כדי ארויסצודרעהען זיך פון חובות. דערצו האט דער איד אין אלגעמיין א רעפוטאציע פון א ליגנער. די יונייטעד סטייטס סענאטארס בעקלאגען זיך, אז אין אנפאנג פון 1913, ווען עס איז אנגעגאנגען דער קאמפף איבער דעם אימיגריישאן ביל, האבען די אידען זיי פארווארפען מיט פאלשע סטאטיסטיק, און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער“...

און מיינט ניט, לעזער, אז ראסס האט עפעס א שנאה געגען אידען. אדרבא, פארקעהרט. ער וויים, אז דאס איז ניט זייער שולד. „דער אמת איז — ערקלעהרט ראסס — אז דער ניט ענטוויקעלטער קלאס פון די אידען פון מזרח אייראפא קומען אהער שוין פארטיגע קריפעלס...“

דארט אין רוסלאנד האט זיי די רעגיערונג אזוי געדריקט און געשטיקט, אז זיי זיינען געווארען איהרע ביטערע שונאים. דורך דער דעספאטישער רעגיערונג, דורך דער ברוטאלער פאליציי, האבען זיי פערלארען דעם צוטרויען צו אירגענד וועלכע רעגיערונג און אירגענד וועלכע פאליציי. אט פאר וואס, קומענדיג אהער, אין א פרייער רעפובליק, בעציהען זיי זיך אזוי ניט אויפמערקזאם צו די געזעצע פון לאנד און צו די רעגולאציאנען פון דער פאליציי.

אויך זייער ליעבע צו געלד האט געוויסע אורזאכען. דארטען אין רוסלאנד, אויפגעקוועטשטע אין דער „טשערטא אסעדלאסטי“ פון איין זייט און דעם תלמוד פון דער צווייטער, האבען זיי קיין מעגליכקייט ניט געהאט צו מאכען געלד. דא, ארויסרייסענדיג זיך פון ביידע זאכען, האבען זיי זיך גענומען מיט גרוים ענערגיע צו „עקאנאמישע ציעלען“.

ווי איהר זעהט, איז ראסס אויסען בלויז דעם אמת, ווארים, והראיה, ער איז אזוי גוט און פיין און זוכט אליין אוים די אורזאכען, וועלכע האבען זיי געבראכט דערצו. ער אליין זוכט פאר זיי ענטשולדיגונג.

אבער ער קען זיך ניט העלפען. ער מוז זאגען דעם אמת און ער זאגט :

פון די אידישע אימיגראנטען קומען ארוים זעהר פיעל פארברעכער. זיי זיינען ניט פעהיג אנצופאלען מיט א מעסער, צו טויטען. זייער פעהיגקייט איז, אם מערסטען, גנב׳ענען, בעהאלטען גנבות. אמת, אין פערגלייך מיט אנדערע נאציאנען, זיינען אין די פריזאנס פאראן ווייניג אידען. דאס אבער הייסט נאך ניט, אז די אידישע אימיגראנטען גיבען ארוים ווייניג פארברעכער. אזא שלום צו מאכען וואלט געווען ניט ריכטיג — זאגט ראסס. דאס ווייזט בלויז, אז זיי זיינען אזוי סמארט, אז מען קען זיי ניט כאפען . . . און, פערשטעהט זיך, מען קען ניט בלייבען גלייכגילטיג צו דעם פאקט, וואס צווישען די אידען אין אמעריקא פארגרעסערט זיך די צאהל פון פארברעכער און אויך די צאהל פון אויסגעלאסענע פרויען . . .

„אזוי, זאגט ראסס עדות, אין די „ווימען נאיט קאורט“ אין נויארק און אויף בראדוויי זיינען די נעמען פון די פראסטיטוטקעס אם מעהרסטען אידישע“.

ראסס גיט אנצוהערעניש, אז פונקט ווי ער דענקען שוין גאר פיעלע אמעריקאנער. מען רעדט וועגען דעם ווייניג, ווייל מען האט מורא פארטשעפען זיך מיט צוויי מיליאן אידען, וועלכע זיינען דא זעהר שטארק ארגאניזירט. מען גיט זיי נאך קאמפלימענטען אויך, אבער יעדער איד מוז וויסען און געדענקען, אז עס איז „האניג פון אויבען און גאל פון אונטען“.

דער סך הכל איז : „אויב דער צאר וועט ארויסטרייבען זיינע זעקס מיליאן אידען און זיי וועלען קומען אין די פעראייניגטע שטאאטען, וועלען מיר, קען זיין, דא האבען די אידען פראגע. מיר וועלען אויך דא האבען פאגראמען און אנטיסעמיטישע אויסנאהם־געזעצע . . . אויב זיי וועלען קומען אהער צוויי־דריי מאל מעהר ווי זיי קומען איצט, וועט דא זיין אין אמעריקא זעהר פיעל טראבל . . .“

דאס זיינען בלויז איינינגע אויסציגע פון דעם אמעריקאנער אנטיסעמיט׳ס דרשה.



Vol. XIX NOVEMBER, 1914 No. 11

א. ליעסין

קעמפּיין־נאָטיצען

דער קאָנגרעשיאָנאַל קעמפּיין אויפ'ן ניו־יאָרקער איסט־סייד

מיר וועלען דאָ ניט ריידען וועגען די וויכטיגע אישיום פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, ווייל אַזעלכע אישיום זיינען גאָר ניטאָ. די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען אונטערשיידען זיך איינע פון די אַנדערע בלויז אין נאָמען. דאָס האָבען מיר געזעהן נאָכאַנאַנד די לעצטע יאָהרען, זייט די רעפּובליקאַנער האָבען גענומען גנב'ענען ראַדיקאַלע פּראַזען ביי די דעמאָקראַטען און די דעמאָקראַטען האָבען גענומען גנב'ענען קאָנסערוואַטיווע פּראַזען ביי די רעפּובליקאַנער. און דאָס זעהן מיר אויך אין דעם איצטיגען קאַמפּיין.

מיר זעהן פאַר זיך אין די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען בלויז קאָנקורירענדע ביזנעס־פירמעס, וואָס זוכען אַרויסצוכאַפּען איינע ביי דער צווייטער די שלאָג־ווערטער כדי אַריינצוכאַפּען די קאָסטימער. פערשטעהט זיך, די פּאָליטישענס ראַנגלען זיך איינע מיט די אַנדערע, און ראַנגלענדיג זיך, לאָזען זיי אַרויס גאַנצע וואָלקענס מיט שטויב אין די אויגען פון די בירגער. קיין שטויב און קיינע וואָלקענס קענען אָבער ניט פערדונקלען דעם פאַקט, אַז עס איז ניטאָ אין היינטיגען קאַמפּיין קיין איין וויכטיגע אישיו, דורך וועלכער די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען זאָלען זיך ווירקליך אונטערשיידען איינע פון די אַנדערע.

יעדער וואָס האָט אויערן הערט און יעדער וואָס האָט אויגען זעהט, אַז די פערשיעדענע גרופּען פּאָליטישענס קעמפּפען דאָ אַזוי היציג ניט צוליעב פּרינציפּען, נור צוליעב דעם אָפּיס. און וואָס קלענער עס איז דער אונטערשיעד צווישען די רעפּובליקאַנער און די דעמאָקראַטען און די פּראָגרעסיווע, אַלץ גרעסער קומט אַרויס דער אונטערשיעד צווישען די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און די בירגער, וואָס לעבען פון אַרבייט אָדער אַרום די אַרבייטער, האָבען פאַר זיך זייער אויפגאַבע קלאָר, ווי דער טאָג. אפילו די „פּראַקטישע" צווישען זיי, וועלכע וועלען זוכען, ווי דער מנהג איז, אין איינער פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען די קלענערע צרה און די בעסערע אישיו, וועלען דאָס בשום אופן ניט געפינען. זיי מוזען זעהן אין די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען איין גלייכע צרה — די צרה פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט איצט אָנגעצונדען און אויפגעפלאַקערט אַזוי דעם גיהנום פון דעם וועלט־קריעג; זיי מוזען זעהן פאַר זיך נור איין אישיו — די אישיו פון וועלט־בעפרייענדען און פעלקער־פערברידערנדען סאָציאַליזם.

„פּראַקטישע" בירגער האָבען מיר גענוג אויך אין די אידישע קוואַרטאַלען. דאָס זיינען אָבער אַלץ נאַטוראַליזירטע בירגער, און זיי האָבען נאָך ניט די דעמאָקראַטישע אָדער די רעפּובליקאַנישע טראַדיציעס; זיי טראָגען נאָך ניט אויף זיך די גייסטיגע קייטען, וואָס ווערען איבערגעגעבען ביי די עכטע אַמעריקאַנער פון דור צו דור בירושה. קיינע פון די אַלטע פּאַרטייען האָבען נאָך אויף אונזערע בירגער קיין חזקה ניט, דער אָדער יענער פּאָליטישער אבערגלויבען האָט נאָך אויף זיי קיין שטאַרקע שליטה ניט. און מיר, אידישע סאָציאַליסטען, וואָלטען אין אונזערע אַרבייטער־קוואַרטאַלען פיעל לייכטער געפונען דעם וועג צו די מוחות און די הערצער פון די בירגער. ווייסען אָבער די פּאָליטישענס ווי אויפצושפּיעלען אויף דער אידישער סטרונע, ווי אויפצובלאָזען ספּעציעל אידישע אישיום און אונזערע „פּראַקטישע" בירגער אימער אַלץ נאָך צו בעאַרבייטען.

און ווי אַזוי עס ווערט דאָ געאַרבייט — דאָס ווייזט אונז דער 12טער קאָנגרעשיאָנאַל דיסטריקט, דער גרויסער אידישער אַרבייטער־קוואַרטאַל, די גרעסטע גהעטאָ אין דער וועלט.

* * *

מיר וועלען דאָ ניט ריידען וועגען דעם רעפּובליקאַנישען קאַנדידאַט פון דעם דיסטריקט.

דאָס איז א „דארק האָרס“, א גאַנץ־אומבעקאַנטע פּערזענליכקייט, וואָס שפּיעלט אין קאַמפּיין קיין ראָלע ניט. די רעפּובליקאַנער האָבען ארויסגע־שטעלט מיט א כיוון אַזאַ קאַנדידאַט, כדי ניט צו שפּליטערן דעם אַנטי־סאָציאַליסטישען וואוט. דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פון דיסטריקט איז א שטאַרקער קאַנדידאַט מיט גוטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען. ווילען די רעפּובליקאַנער ניט אָפּציהען די נויטיגע צאָהל שטימען פון דעם טעמעני־קאַנדידאַט. ביי די רעפּובליקאַנער איז רעכט כאָטש א טעמעני־פּערטרעטער, אבי ניט קיין סאָציאַליסט.

דאָס זעלבע האָבען די רעפּובליקאַנער גע־טהאָן פאַר־צוויי־יאָהרען און פאַר־פיער־יאָהרען. און פיעלע פון זייערע טרייע לייטע האָבען דאַן געשטימט בעסער פאַר'ן טעמעני־קאַנדידאַט, איידער פאַר'ן רעפּובליקאַנישען „דארק האָרס“. דער סאָציאַליסט האָט געהאַט געגען זיך איי־גענטליך ניט צוויי קאַנדידאַטען, נור איין קאַנ־דידאַט. עס איז אויסגעקומען אַזוי ווי ביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען וואָלטען זיך פער־אייניגט, כדי דורכצוואַרפען דעם סאָציאַליסט. און דער גרויסער אידישער קוואַרטאַל האָט טאַ־קע געשיקט אין קאָנגרעס א פערטרעטער פון טעמעני־האָל.

אַלזאָ, וועגען רעפּובליקאַנישען קאַנדידאַט האָבען מיר ניט וואָס צו ריידען. מיר וועלען זיך אָבשטעלען נור אויף דעם טעמעני־קאַנדי־דאַט. דאָס איז אונזער אַלטער בעקאַנטער, מר. גאָלדפאָגעל, דער געווינשטער פון די לענד־לאָרדס, דער בעגעהרטער פון די באָסעס, וואָס פערטרעט דעם דיסטריקט מיט דער סמיכה פון די מוירפים, מיט דער הסכמה פון די אהוירנס, אונאויפהערליך שוין 14 יאָהר אין קאָנגרעס.

און מיר וועלען פרעגען ווידער און ווידער: ווי קומט עס, וואָס דער גרויסער דיסטריקט פון טענעמענט־איינוואָהנער זאָל שיקען נאָכאַנאַנד אין קאָנגרעס גראַדע א פאָרשטעהער פון די לענדלאָרדס? ווי קומט עס, וואָס דער גרויסער דיסטריקט פון ארבייטער און פון מענשען, וואָס לעבען אָרום ארבייטער, זאָל שיקען נאָכאַנאַנד אין קאָנגרעס גראַדע א פאָרשטעהער פון די באָ־סעס? דאָס איז ריכטיג א בייזער וואונדער, אויף וועלכען מען גיט געוויינליך דעם פאָלגענ־דען ענטפער:

מר. גאָלדפאָגעל ווערט געשיקט אין קאָנ־גרעס סתם אלס אידישער פאָרשטעהער, כתם אלס אידישער פאַרקעמפער. מיר האָבען דאָ געוויסע אידישע אינטערעסען, געוויסע אידישע פראַגען. שיקט מען עס איהם אין קאָנגרעס, ער זאָל דאָרט אַכטונג געבען, אַז דיעזע אינטע־רעסען זאָלען געשיצט ווערען, אַז דיעזע פראַ־גען זאָלען געלייזט ווערען, ווי עס פאָדערן די אינטערעסען פון די אידישע איינוואָהנער פון דעם דיסטריקט.

וועלען מיר פרעגען ווידער און ווידער: ווען און וואו האָט מר. גאָלדפאָגעל ארויסגעווי־זען, אַז די אידישע פראַגען, אַז די אידישע אינטערעסען זיינען איהם אַזוי נאָהענט צום האַרצען? ווען, וואו און אין וואָס האָט עס זיך זיין ספּעציאַל־אידישער קאַמפּף אויסגע־דריקט?

מיר וועלען נעהמען, צום ביישפּיעל, דאָס סוועטינג־סיסטעם, וואָס איז יאָהרען לאַנג גע־ווען א ריכטיג אידישער אונגליק. דאָס איז געווען דער מצרים פון דער נייער וועלט. און די ששים רבוא, מענער, פרויען און קינדער, האָ־בען זיך געפּלאָגט דאָ און געקרעכצט ניט אויף דער פרייער לופט, ווי אַמאָל ביי די ציגעל און לוים אין מצרים, נור אין דער שטיקענים און אין דער פינסטערנים פון סוועט־שאָפּ. דאָס איז געווען דער בית עולם פון דער אידישער יוגענד, פון דעם אידישען מוטה, פון די אידישע כחות. דאָס איז געווען די אסטמא, די שווינדזוכט, די פערקריפּלונג, דער פריהצייטיגער עלטער און פריהצייטיגער טויט פון צעהנדליגע טויזענדער אידישע נפשות. האָט איהר עפּעס ווען געהערט, אַז מר. גאָלדפאָגעל זאָל ארויסלאָזען א וואָרט וועגען דעם, אַז ער זאָל דאָ ארויסוויזען איר־גענד־וועלכען מיטגעפיהל, דעם קלענסטען אינ־טערעס? פערשיעדענע גוטהערציגע קריסטען, גלחים אפילו, פּאָליטישענס אפילו, האָבען זיך יע אינטערעסירט, אָבער ניט מר. גאָלדפאָגעל. דער פאַרקעמפּפער פאַר די אידישע אינטערע־סען איז דאָ אימער געשטאַנען אויפ'ן צד פון דעם מלאך המות און דעם סוועט־באָס.

און דאָס איז געווען גאָלדפאָגעל'ס בע־לוינונג, וואָס אפילו די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר האָט איהם פערדאַמט. די גרויסע טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז גראַד ווייט פון סאָציאַליזמוס, וואָס זוכט אויסצו־קעמפּפען פאַר'ן ארבייטער בלויז די עלעמענ־טאַרסטע מענשען־רעכט, האָט איהם ערקלערט אַלס „אונפעיר“, אַלס א שונא.

אָדער מיר וועלען נעהמען די אַלע גרויסע סטרייקס פון די לעצטע יאָהרען. דער גאַנצער איסט סייד האָט געפיהלט זעהר שמערצליך די סטרייקס און אַם שמערצליכסטען האָט עס גע־פיהלט דער 12טער קאָנגרעשיאָנאַל דיסטריקט. ווען די צעהנדליגע טויזענדער קלאָוקמאַכער אָדער שניידער האָבען אין פערלויף פון איניגע חדשים גאָרנישט פערדיענט, האָבען אויך ניט פערדיענט די אַלע פעדלערס, די אַלע ביזנעס־לייט, די אַלע פּראָפעשיאָנעלס — אַלע, אַלע, וואָס לעבען אָרום די ארבייטער. דאָס איז גע־ווען א ספּעציעל אידישע נויט, וואָס האָט זיך געפיהלט אַם שווערסטען גראַדע אין דעם קוואַרטאַל, וואו מר. גאָלדפאָגעל פאָדערט פון קאַמפּיין צו קאַמפּיין צוטרוי און שטימען. האָט מען אָבער געהערט, אַז מר. גאָלדפאָגעל זאָל דאָ אויף אירגענד־וועלכען אופן עפּעס

אויפטהאָן, אַז ער זאָל דאָ אַרויסווייזען כאָטש דעם קלענסטען אינטערעס? פערשיעדענע כללטהוער, וואָס זיינען גראַדע ווייט פון איסט סייד, האָבען זיך דאָ יע אַריינגעלייגט, האָבען אָבגעהאַלטען קאָנפערענצען, געברויכט זייער איינפלוס, געזוכט די סטרייקס צו סעטלען. דער רעפּרעזענטעטיוו פון דיסטריקט איז אָבער דאָ, ווי אימער, געבליבען א זייטיגער, גלייכגילטיגער פרעמדער מענש.

דאָס זיינען בלויז א פּאָאר כאַראַקטעריסטישע ביישפּיעלע, ווי קאָמיש עס איז ווען דער טעמעני־יהודי קומט צו אונז אין קאַמפּיין־צייט און רעדט דערפון, אַז ער איז דער פאָרקעמפּפער פון די אידישע אינטערעסען, אַז ער נעהמט זיך זעהר צום הארצען די אידישע נויט און די אידישע אונגליקען. און מיר וואָלטען געקענט ברייננגען נאָך מעהרערע אַזעלכע ביישפּיעלע. עס איז פיליכט ניטאָ אַזאַ ווינקעל אויף דער ערד, וואו די ענגשאַפט, וואו די דחקות זאָל זיין אזוי גרויס, ווי אין 12טען קאָנגרעשיאָנאַל דיסטריקט. און אַרבייט, ספּעציעל־אידישע ארבייט האָבען מיר דאָ ווירקליך גרויסע, דרינגענדע, הייליגע. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז מיר האָבען דאָ אין דיסטריקט הונדערטע טויזענדער צוזאַמענגעלאָפענע מענשען, הונדערטע טויזענדער אידישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען נאָך מיט א יאָהר 10 צוריק געוואָהנט אין אַן אַנדער וועלט און אין גאַנץ אַנדערע בעדינגונגען. און מען דאַרף זיך נור פאָרשטעלען די געוואַלטיגע ענדערונגען, וואָס די עמיגראַציאָן אַליין האָט אַרויסגערופען ביי יעדען איינעם פון דיעזע הונדערטע טויזענדער אידען, אום ריכטיג צו בעגרייפען די גאַנצע גרויסקייט פון דער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, פון דער ערציהונגס־אַרבייט, פון דער אויפקלערונגס־אַרבייט, וואָס עס איז דאָ פאַראַן צו טהאָן.

קען מען אָבער בעווייזען, אַז דער נאָמען פון דעם רעפּרעזענטעטיוו פון גרויסען אידישען אימיגראַנטען־קוואַרטאַל זאָל זיין פערבונדען כאָטש מיט איינער פון דיעזע ארבייטען? ניין, דאָס קען מען ניט בעווייזען! מר. גאָלדפאָגעל איז אין יעדען פּרט געוועזן פאַר אונז און געבליבען א זייטיגער, גלייכגילטיגער, פרעמדער מענש.

און דאָס זעלבע איז מר. גאָלדפאַגעל געוועזן פאַר אונז אויך אין קאָנגרעס. שוין 14 יאָהר איז ער אונזער רעפּרעזענטעטיוו אין קאָנגרעס, אונזער שיין און שפּיעגעל פאַר די פעלקער. און דער אמת איז, אַז ער איז אימער געוועזן און געבליבען איינער פון די שטענדיגע שווייגער אין קאָנגרעס — איינער פון די לעבערליסטע שווייגער. עס האָט אויסגעזעהן, אַז דער גרויסער אידישער אַרבייטער־דיסטריקט איז שוין פערזאָרגט מיט כל טוב און זיין פערטרעטער דאַרף א פּיפּס ניט טהאָן. פערזענליכע אינטערעסען און די אינטערעסען פון פּאָליטישע פריינד פלעגט מר. גאָלדפאָגעל בעזאָרגען אין דעם קונקעל־מונקעל פון די פערשיעדענע קאָנגרעס־ווינקלען. ווייטער, איז ער זיך געזעסען סטאַטעטשנע און געשוויגען. און אויב די פּאַספּאָרטען־פראַגע האָט אָנגענומען די לעצטע יאָהרען אַן אַנדער ווענדונג, האָבען מיר דורכאויס ניט איהם צו פערדאַנקען. און אויב מיר וואָלטען געהאַט, צום ביישפּיעל, אין דער אימיגריישאָן קאָמיטע אַן אנדער פערטרעטער, א מוטהיגען, פעהיגען, אויפריכטיגען פערטרעטער, וואָלט מען פיליכט מאַנכע פון די אימיגריישאָן־בעשרענקונגען געקענט ערפאָלגרייכער בעקעמפּפען. מר. גאָלדפאגעל פלעגט אַרויסטרעטען אין דיעזע פראַגען הויך און ענטשלאָסען נור אויף זיינע קאַמפּיין־מיטינגען, אין די האָלען אויפ'ן איסט סייד, אָבער ניט אין קאָנגרעס. דאָרט, אין קאָנגרעס, האָט ער אונז קיין כבוד און קיין גוטס ניט פערשאַפט.

פערשטעהט זיך, עס איז ניט שווער אויפצושפּיעלען אויף די אידישע נערוועז — אויף די צורודערטע אידישע נערוועז. עס איז ניט שווער אָבצוציהען די אידישע אויפמערקזאַמקייט אויף א ווייטע אישיו הינטער די ים'ען — אַן אישיו, וואָס דאַרף זיך ציהען פיעלע און פיעלע יאָהרען, און בינו לבינו קענען די גאָלדפאגעלס ציהען די וואוטס. עס איז אויך ניט שווער איינצורייזען דעם אונערפאַהרענעם אידישען בירגער פערשיעדענע בבא מעשיות פון דעם קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן — פון גאָלדפאגעל'ס גלענצענדע רעדען, וואָס זיינען קיין מאָל ניט געהאַלטען געוואָרען, פון גאָלדפאגעל'ס אונערמיעדליכע שתדלנות, וואָס א פליג האָט עס אויפ'ן פּיסעל אַוועקגעטראָגען, פון גאָלדפאגעל'ס גרויסע אויפטהועכץ, וואָס איז פאַרגעקומען ערגעץ אויף דער לבנה.

דאָס מוז אָבער ענדליך נעהמען א סוף!

דער אידישער בירגער מוז דאָך ווען־עס־איז אויפגעקלעהרט ווערען, אַז די אַלע מעשיות בעלאַנגען צו „טויזענד און איין נאַכט". דאַגעגען אָבער די ווילדקייט, אַז דער פערטרעטער פון דער רענט־פּיאַווקע און פון דער שאַפּ־פּיאַווקע זאָל אויך זיין דער פערטרעטער פון דעם גרויסען דיסטריקט פון טענעמענט־איינוואוינער און אַרבייטער — דאָס איז א טרויעריגער אמת! די שאַנדע, אַז דער פערטרעטער פון טעמעני, און די גענגסטערס, און די קאַדעטען זאָל אויך זיין דער פערטרעטער פון דעם גרעסטען אידישען קוואַרטאַל אין דער וועלט — דאָס איז א מיאוס'ער אמת!

* * *

און אָט געגען דעם טרייען דיענער פון דעם לענדלאָרד און דעם באָס שטעלען מיר אַרויס

אלס קאנדידאט דעם טרייען דיענער פון דעם ארעמאַן און דעם ארבייטער. געגען דעם זייטיגען, גלייכגילטיגען, פרעמדען מענשען שטעלען מיר ארויס א מענשען אָן אייגענעם פאר'ן דיסטריקט, א טרייען, א בעגייסטערטען, וואָס האָט אימער געלעבט מיט די אינטערעסען פון די פאָלקס־מאסען און געליטען מיט זייערע ליידען און געקעמפפט זייער קאמפף.

דאָס איז מאיר לאנדאן, דער קאנדידאט פון דער סאָציאליסטישער פארטיי.

עס איז אימער די צייט פון קאמפיין, ווען די פאליטישענס הויבען אָן צו האווען און צו הורדזשען ארום די גרויסע אידישע אומגליקען. און מיר הערען, ווי מר. גאָלדפאָגעל, דער זייטיגער, גלייכגילטיגער, פרעמדער טעמעני יהודי, זוכט שוין אויסצוניצען דעם גרויסען מלחמה־אונגליק, וואָס האָט אזוי שוידערליך געטראָפען אונזערע ברידער אין רוסלאנד און גאליציען. נאָך דער מלחמה וועט זיך אָנפאנגען פון די אלע פערוויסטע שטעדט און שטעדטלאך די גרויסע אידישע אויסוואנדערונג און מר. גאָלדפאָגעל גיט אָן אין סלוק, אז ער און נור ער וועט קענען אויפהאלטען די טויערן פון אמעריקא אָפען פאר די עלענדע וואנדערער. און דארום דארף מען איהם און נור איהם שיקען ווידער אין קאָנגרעס אלס אונזער פערטרעטער.

איז עס ווירקליך אזוי? איז עס מר. גאָלדפאָגעל די ריכטיגע פערזאָן ארויסצוטרעטען פאר אונז און צו רעפּרעזענטירען אונז אין דיעזען העכסט קריטישען מאָמענט אונזערען?

די שונאים פון די אידישע איינוואנדערער ווייזען אימער אָן, אז די גרויסע מאסען אידישע אימיגראנטען קומען געוועהנליך פון די האלב־ווילדע מזרח־איירָאָפּעאישע לענדער. און ווען דיעזע מאסען ווערען נאכהער נאטוראליזירט, דאן מאכען זיי דעם ערגסטען געברויך פון די אמעריקאנער פרייהייטען. צו דאָס איז ריכטיג, צו ניט — דאָס איז איינע פון די הויפּט טענות געגען דער אידישער איינוואנדערונג. פיעלע אונפריינדליכע אמעריקאנער בעטראכטען פון דיעזען שטאנדפּונקט די גרויסע איינוואנדערונג איינפאך אלס אַן אונגליק פאר'ן פאָליטישען לעבען פון אונזער רעפּובליק. זיי בעהויפּטען, אז דער אידישער איינוואנדערער קען זיך קיינמאָל ניט ערהויבען צו דעם פיינערען טיפּ פון אמעריקאנער סיטיזען, אז ער בעזעצט זיך אימער אין די גרויסע שטעדט, וואו ער פאלט זעהר לייכט אונטער'ן פערדערבענדען איינפלוס פון די קארופּטע פאָליטישע באנדעס. און מיט זיין גרויסער שטימען־צאָהל און מיט זיין פאָליטישען שאכער־מאכער גיט ער גאנץ אָפט די מעגליכקייט דעם ערגסטען פערברעכערישען עלעמענט צו בעהערשען ניויאָרק, אזוי ווי מאנכע אנדערע פון די וויכטיגסטע שטעדט פון אמעריקא.

און מיר וועלען פרעגען: ווער פון די צוויי אידישע קאנדידאטען וועט ווירקליך קענען בעקעמפפען אויף דיעזען וויכטיגען פונקט די שונאים פון דעם אידישען אימיגראנט? צו מאיר לאנדאן, דער קאנדידאט פון די פערהאָרעוועטע ארבייטער, פון די הענד מיט עהרליכע מאזאליעס, פון די שטערענס מיט כשר'ן שוויים, אָדער הענרי גאָלדפאָגעל, דער קאנדידאט פון די אָרגאניזירטע גרעפטערס און גענגסטערס און קאדעטען, פון די הענד, אויף וועלכע עס זידט פערגאָסענע בלוט, פון די שטערענס, אויף וועלכע עס פלאמט די שאנדע?

טעמעני האָל — דאָס איז די פיעל־פערדאמטע אָרגאניזאציאָן, וואָס האָט אימער געזוכט צו מאכען פון די אידישע קווארטאלען ריכטיגע פאָליטישע רינשטאָקס. און אויב מר. גאָלדפאָגעל שטרעבט אליין אין נאָמען פון זיין טעמעני יהודישקייט, וויעדער און וויעדער צו זיצען אין קאָנגרעס, און אויב ער וויל מאכען פון דעם גרויסען אידישען אימיגראנטען דיסטריקט די אייביגע פעסטונג פון טעמעני האָל, טאָ גיט ער דען ניט שוין דערמיט אליין די ערגסטע רעקאָמענדאציע געגען דעם אידישען אימיגראנט?

דאגעגען, וואָס פאר פאלשע בעגריפען מען מעג האָבען פון סאָציאליזם — אלע אָבער מוזען צוגעבען, אז פאר סאָציאליסטישע שטימען צאָהלט מען ניט. און וואָס מעהר מען צעהלט אין די אידישע קווארטאלען סאָציאליסטישע שטימען, אלץ דייטליכער קומט ארויס דער פאקט, אז די מאסען נאטוראליזירטע אידישע בירגער פערשאכערן ניט זייערע שטימען פאר געלד און פייוואָרס. און ווען דער גרויסער אידישער אימיגראנטען־דיסטריקט זאָל ווירקליך ערוועהלען דעם סאָציאליסטישען קאנדידאט, וועט עס זיין פון דיעזען שטאנדפּונקט גראדע די שעהנסטע רעקאָמענדאציע פאר'ן אידישען אימיגראנט.

* * *

ווייטער:

מיר אלע ווייסען, אז די פערביסענסטע און די איינפלוסרייכסטע שונאים פון פרייער אימיגריישאָן זיינען די גרויסע קאָנסערוואטיווע אמעריקאנער יוניאָנס. זייער הויפּט טענה איז ווידער, אז דער איינגעוואנדערטער ארבייטער קען זיך ניט ערהויבען צום לעבענס־סטאנדארד פון אמעריקאנער ארבייטער. דער אימיגראנט בענוגענט זיך מיט וועניגער. ער ארבייט פאר ביליגער און דריקט שוין ממילא ארונטער די פרייזען אויך פאר דעם אמעריקאנער ארבייטער. אזוי דיינקט און פיהלט די גרויסע אָרגאניזירטע אמעריקאנער ארבייטער־מאסע. און צו דאָס איז ריכטיג, צו ניט — דאָס איז א פיעל־בעדייטענדער פאקט, מיט וועלכען יעדער אמת'ער פריינד פון פרייער אידישער איינוואנדערונג מוז זיך רעכענען. די קאפּיטאליסטישע קלאסען־רעגיערונג, וואָס שטעלט אָן א טויבען אויער צו יעדער אנדערער

ארבייטער־פּאָדערונג, הערט זיך צו גראָדע זעהר אויפמערקזאַם צו די ארבייטער־פּאָדערונגען פון דיעזען סאָרט. פערשטעהט זיך, דאָס קאָסט דאָך גאָר ניט. דאָס נעהט דאָך אויפ׳ן חשבון פון אָרימען אימיגראַנט, וואָס געפינט זיך נאָך הינטערן שוועל פון אמעריקא. און אזוי ווערען עס אונטער׳ן דרוק פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאָר פערפאַסט און שטרענגער אַלץ דורכגעפיהרט די מעהרסטע אימיגריישאָן־בעשריינקונגען.

און מיר ווילען פרעגען: ווער פון די צוויי אידישע קאַנדידאַטען וועט ווירקזאַמער קענען בעקעמפּפען אויף דיעזען וויכטיגען פּונקט די שונאים פון דעם אידישען אימיגראַנט? צו מאיר לאָנדאָן, וואָס האָט אימער געהאָלפען צו אָרגאַניזירען און צו ערהויבען די אידישע ארבייטער און פיעל אָפּפערווילליג מיטגעווירקט, אַז דער אַמעריקאַנער ארבייטער זאָל ניט קוקען אויפ׳ן אידישען אימיגראַנט, ווי אויף א געפעהרליכע בריאה, ווי אויף א סקעב, ווי אויף אן אזיאַט, אָדער הענרי גאָלדפאָגעל, וואָס איז אימער געוועזן און געבליבען א גלייכגילטיגער, פרעמדער מענש צו די אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטער, וואָס פלעגט זיי אָפּטמאָל, אַלס לאָיער פון די באָסעס, זאָגאַר בעקעמפּפען און פערפאָלגען?

און דער אידישער בירגער, וואָס אינטערעסירט זיך ערנסט און אויפריכטיג מיט דער פראַגע, זאָל דאַביי ניט פערגעסען, אַז מר. גאָלדפאָגעל איז פאַר זיין פיינדליכקייט צו אָרגאַניזירטע ארבייטער פערדאַמט געוואָרען פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאָר. און אויב ער שטרעבט אַלץ, אין נאָמען פון זיין אימיגראַנטען־פריינדשאַפט, ווידער און ווידער צו געהן אין קאָנגרעס, און אויב ער וויל דורכאויס קומען אהין גראָדע אַלס דער אונאויפהערליכער פערטרעטער פון דעם גרויסען אידישען אימיגראַנטען־דיסטריקט, טאָ גיט ער שוין ניט דערמיט אַליין די ערגסטע רעקאָמענדאַציע דעם אידישען אימיגראַנט?

דאַגעגען, שוין פון דיעזע פאַקטען קומט אַרויס דייטליך און דייטליכער, אַז אַפּילו פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער ספּעציעל־אידישער פראַגע, פון דער אימיגריישאָן־פראַגע, קען אַזאַ פערזאָן, ווי מאיר לאָנדאָן, און נור אַזאַ פערזאָן, אָם בעסטען אונז פערטרעטען אין קאָנגרעס. יעדע גרויסע אידישע טרייד־יוניאָן, וואָס מאיר לאָנדאָן האָט געהאָלפען אָרגאַניזירען — דאָס איז פיעל וויכטיגער אין קאַמפּף פאַר פרייער אימיגריישאָן, איידער א טויזענד רעדען פון אירגענד־וועלכען יהודי־פּאָליטישען. יעדער גרויסער סטרייק, וואָס מאיר לאָנדאָן האָט געהאָלפען פיהרען — דאָס איז פיעל וויכטיגער אין קאַמפּף פאַר פרייער אימיגריישאָן, איידער גאַנצע 14 יאָהר הינטער־טיהר שתדלנות פון די גאָלדפאַגעלס. און ווען דער גרויסער אידישער אימיגראַנטען־דיסטריקט זאָל ווירקליך ערוועהלען דעם פּאָרקעמפּפער פון די אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטער, וועט עס זיין פון דיעזען שטאַנדפּונקט גראָדע די שעהנסטע רעקאָמענדאַציע פאַר דעם אידישען אימיגראַנט.

* * *

און קען מען דען ערוואַרטען א נעהענטערע שייכות פון א גאָלדפאָגעל צו דער אידישער אימיגריישאָן! אויב א מענש איז אזוי גלייכגילטיג, קאַלט, פרעמד צו די אָרימע אידען, וואָס האָבען שוין איינגעוואַנדערט אהער, טאָ ווי וועט ער ווירקליך זיין פריינדליך צו די אָרימע אידען, וואָס דאַרפען נאָך אהער איינוואַנדערן?

דאָך, אין א געוויסער צייט און אין א געוויסען זינן האָט מר. גאָלדפאָגעל יע געהאַט א נאָהענטע שייכות צו דער אידישער אימיגריישאָן.

מר. גאָלדפאָגעל איז געוועזן דער גרינדער פון אן איסט סייד לענדלאָרד־קלוב, און פון דאָרט איז עס אויפגעגאַנגען זיין פּאָליטישער שטערען. פריהער איז ער געוועזן דער לאָיער פון די לענדלאָרדס און נאכהער איז ער געוואָרען דער דזשאָדזש פון די לענדלאָרדס, וואָס האָט טריי אַטענדעט אין קאָורט צו זייערע דיספּאָזעס־קייסעס. און וואָס גרעסער עס זיינען געוואָרען די אידישע אונגליקען אין מזרח־אייראָפּאַ, אַלץ גרעסער איז געוואָרען מר. גאָלדפאָגעל׳ס שייכות צו דער אידישער אימיגריישאָן.

יעדע אידישע צרה אין רוסלאַנד און גאַליציען און רומעניען האָט אָבגעשלאָגען אויף די ברעגען פון אַמעריקאַ מיט א נייער כוואַליע אידישע אימיגראַנטען. און אַלץ העכער זיינען געוואַקסען די טענעמענט־הייזער אין אידישען קוואַרטאַל, און אַלץ העכער איז געוואַקסען די רענט, און אַלץ מעהר זיינען פּאָרגעקומען די דיספּאָזעס־קייסעס, און אַלץ נעהענטער איז געוואָרען מר. גאָלדפאָגעל׳ס שייכות צו דער אידישער אימיגריישאָן.

און זאָלען עס די אידישע בירגער געדענקען! דעם דריטען נאָוועמבער, בעת זיי וועלען געהן צום באַלאַט־באָקס, זאָלען זיי עס געדענקען; זאָלען זיי זיך אָפּשטעלען א ווײלע, אַליין מיט זייער געוויסען, און פרעגען ביי זיך:

איז עס ניט איינפאַך א פערראַט און ניט בלויז געגען די ארבייטער אינטערעסען, נור אויך אַפּילו געגען די אידישע אינטערעסען, צו שיקען אַלץ מר. גאָלדפאָגעל אין קאָנגרעס?

אין דיעזען מאָמענט פון אונזער גרויסען אונגליק און גרויסער פעראַנטוואָרטליכקייט זאָל דער אידישער בירגער פרעגען ביי זיך: צו איז אזא גאָלדפאָגעל ווירקליך די ריכטיגע, די פּאַסענדע פּערזאָן צו פערטרעטען אין וואַשינגטאָן ניט בלויז דעם 12טען דיסטריקט, נור, ווי ער אַליין בעהויפּטעט, די גאַנצע אידישע וועלט?

צו זאָלען מיר ערלויבען די גאָלדפּאָגעל'ס אויסצוניצען אַזוי געוויסענלאָז דעם גרויסען אידישען חורבן אין אייראָפּא, כדי צו מאַכען דאָ פון אונזער איסד־סייד אין ניו־יאָרק אַ מין „סאָליד סאוטה" פאַר טעמעני האָל?

צו זאָל דער גרעסטער אידישער קוואַרטאַל אויף דער וועלט בלייבען שוין אויף שטענדיג צוגעשפּאַנט צו דעם רייט־וואָגען פון די מויר־פּי'ס און די אהוירנס און די אַלע גרעפּטערס און גענגסטערס און קאַדעטען?

* * *

מאיר לאָנדאָן, דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, רעדט זעהר וועניג אָדער פּיעלייכט גאָר ניט וועגען די ספּעציעל־אידישע אישיוס, ווייל דאָס איז אַ זאַך אַ זעלבסטפערשטענדליכע. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז ער זאָל בלויז אַלס גוטער, אויפריכטיגער סאָציאַליסט אויפנעהמען אַזעלכע אישיו'ס און קעמפּפען פאַר זיי. די סאָציאַליסטישע בעוועגונג איז אַ בעוועגונג אַן אַלוועלטליכע, אַזוי ווי דער איד איז אַ בירגער אַן אַלוועלטליכער. די סאָציאַליסטען קומט אויס גאַנץ אָפט צו נעהמען אַן ענערגישע שטעלונג אין עהנליכע פראַגען, און ווי די סאָציאַליסטען האַנדלען דאָ — דאָס איז בעקאַנט יעדען אידען, וואָס לעזט צייטונגען און ווייס וואָס עס קומט פאָר אין דער גרויסער וועלט. די אידען אין מאַנכע לענדער וואָלטען געוועזען פיעל־פיעל עלענדער, ווען עס וואָלט זיי ניט געקומען צו הילף אַ גוואַלטיגע מאַכט — די לעגיאָנען אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטען.

און לאָנדאָן איז פאַר אונז ניט בלויז אַ סאָציאַליסט, נור אויך אַ איד. און אויב ער רעדט וועניג אָדער גאָרניט וועגען אונזערע ספּעציעל־אידישע אינטערעסען, רעדט אָבער וועגען דעם דער גאַנצער כאַראַקטער פון זיין טהעטיגקייט; זיין גאַנצער לעבען רעדט וועגען דעם און רעדט אין שעהנסטען זינן. לאָנדאָן איז פון די וועניגע אידישע אינטעליגענטען, וואָס זיינען אונטער אַלע אומשטענדען פון דער אידישער גאַס ניט אַנטלאָפען. זיינע בליהענדע יאָהרען, זיינע בעסטע כוחות האָט ער אָפּגעגעבען די איינגעוואַנדערטע אידישע פאָלקס־מאַסען — צו העלפען זיי, צו אָרגאַניזירען זיי, אויפצוקלעהרען זיי.

און אויב די היגע אנטיסעמיטען אפילו קענען בשום אופן ניט קוקען אויף די איינגעוואַנדערטע אידישע ארבייטער, ווי מען קוקט דאָ אין לאַנד אויף די כינעזער, דאַן האָבען מיר עס צו פערדאַנקען נור די לאָנדאָנס.

נור אויפריכטיגע ווערטער, וואָס זאָלען אַטהעמען מיט צאָרן און פּראָטעסט, וואו עס זאָל זיך ווירקליך הערען דער וועה פון דעם אידען און דער קאַמפּף־רוף פון דעם רעוואָלוציאָנער — נור אַזעלכע ווערטער וועלען האָבען די געוויגשטע ווירקונג אין קאָנגרעס; זיי וועלען אויך אָפּקלינגען ווייט הינטער די ווענד פון קאָנגרעס און אַרויסרופען מיטגעפיהל און סימפּאַטהיע אין מיליאָנען הערצער פון אמעריקאַנער פאָלק.

און אַזעלכע ווערטער קענען קיינמאָל ניט קומען פון טעמעני־יהודים; זיי קענען קיינמאָל ניט קומען פון די זייטיגע, גלייכגילטיגע, פרעמדע גאָלדפּאָגעל'ס. זיי קענען נור קומען פון אַזעלכע בעגייסטערטע אידישע סאָציאַליסטען, ווי מאיר לאָנדאָן.

טשעסטער מ. רייט. רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרק קאָלל".

דער סאָציאַליסטישער קעמפּיין און די מלחמה

עס איז נור דאָ איין אישיו אין דעם היינטיגען קאַמפּיין; און זי איז די איינציגע אישיו פון דער גאַנצער וועלט היינט צו טאָג, און די אישיו איז די מלחמה.

פּיעלע ניט סאָציאַליסטען וועלען אפשר ניט איינזעהן, וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ מלחמה אין אייראָפּא צו אַן אמעריקאַנער קאַמפּיין. אָט וועגען דעם וועלען מיר טאַקע ריידען.

פּיעלע ניט־סאָציאַליסטען וועט אויך אויסקומען מאָדנע, וואָס האָבען די סאָציאַליסטען דאָ אַרויסצוקומען מיט אַן אישיו, וועגען וועלכער די אַנדערע פּאַרטייען ריידען אַ וואָרט ניט. אויך וועגען דעם וועלען מיר ריידען.

מיר וועלען ווייזען, אַז די מלחמה געהט אָן יעדען איינעם פון אונז..

לויט דער סאָציאַליסטישער לעהרע, דעם עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם, בעשטימען די עקאָנאָמישע אומשטענדען, אונטער וועלכע אַ פאָלק לעבט, די גאַנצע ארט און ווייזע פון פאָלקס לעבען, זיין דענקען און זיין האַנדלען.

דיעזע לעהרע האָט אויסגעהאַלטען די פּראָבע.

בעוואָפּענט מיט דיעזער לעהרע האָבען מיר דורכגעבלעטערט די גאַנצע וועלט־געשיכ־

טע, מיר האָבען אויסגעמעקט אלע מיסטישע ערקלעהרונגען און פארביטען זיי מיט געזונדער לאָגיק, און אונז האָט זיך איינגעגעבען צו בע־גרינדען האנדלונגען און געשעהעניסען, וואָס האָבען ביז אהער קיין שום בעגרינדונג ניט געהאט!

די לעהרע איז ריכטיג אין קליינעם ווי אין גרויסען.

מיר וועלען ברענגען א קליינעם ביישפיעל, וואָס האָט אויך צו טהאָן מיט מלחמה — מיט מלחמה אויפ'ן אמעריקאנער באָדען.

רעוו. דר. וואָלפקין פון ראקעפעלער'ס טשוירטש וויל ניט אנדערש ערקלעהרען די גע־שיכטע פון קאָלאָראדאָ'ר סטרייק דערמיט, וואָס „אויטסיידיגע" אגיטאַטאָרס זיינען געקומען און אויפגעהעצט די מיינערס — האָבען זיי זיך געשטעלט מיט וואפען אין די הענד פערטהיידי־גען זייערע רעכטע און היימען. ווייסען מיר דאָך אָבער, אז דאָס איז ניט אמת. די מיינערס אין קאָלאָראדאָ האָבען געסטרייקט און געקעמפפט ווייל די טרויעריגע עקאנאמישע אומשטענדען, אין וועלכע זיי האָבען געלעבט א דאנק מר. ראקעפעלער, האָבען זיי געטריבען דערצו. נאָך מעהר — ריין עקאָנאָמישע סבות — דער עקאָ־נאָמישער אינטערעס — האָט אוועקגעשטעלט די מיין־אייגענטהימער מיט ראקעפעלער בראש, געגען די מיינערס, כאָטש ראקעפעלער וויל האָבען אז די קאָנסטיטוציע האָט איהם דערצו געצוואונגען.

די יעצטיגע מלחמה בעשטעטיגט אין גרוי־סען אונזער שטאַנדפונקט.

די קאפיטאליסטישע בלעטער מעגען פלאפ־לען וויעפיעל זיי ווילען וועגען דעם מאָרד אין סאראיעוואָ אָדער ציהען צו פעראנטוואָרטליכ־קייט א קייזער, א צאר, אָדער א קעניג — דער־מיט וויל מען פערטומלען די מוחות פון פאָלק, עס זאָל ניט דערגעהען דעם אמת. און אגב איז דאָך דאָס העכסט סענסאציאָנעל און העכסט דראמאטיש, אז דער שאס פון א רעוואָלווער אין האנד פון א יונגען סערבישען פויער האָט אָנגעצונדען א וועלט־מלחמה.

אָבער ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אז די אייראָפּעאישע מלחמה איז ארויסגערופען גע־וואָרען דורך דעם צוזאמענשטויס פון די עקאָ־נאָמישע אינטערעסען פון דייטשלאנד און ענג־לאנד.

אין דער נאטור פון א קאפיטאליסטישער אונטערנעהמונג איז, אז זי זאָל זאמלען וואָס מעהר קאפיטאל, זי מוז עס, וואָרים פראָפיט זוכט אינוועסטמענט, אינוועסטמענט ברענגט פראָפיט, פראָפיט זוכט וויעדער אינוועסטמענט א. ז. וו. א. ז. וו.

דייטשלאנד, וואָס באָדט זיך אין אן אי־בערפלוס פון ענערגיע און מיטלען, האווענדיג נאָך אלץ מעהר עשירות, האָט זיך צונויפגע־שטויסען מיט ענגלאנד אין דער פראגע וועגען קאָלאָניעס. די קאפיטאליסטען פון ביידע לענ־דער קעמפפען פאר'ן וועלט־מארק. די לענדער האָבען פאָראויסגעזעהן דעם צוזאמענשטויס און האָבען זיך גענומען בעוואפנען. בעוואפענ־טע פון קאָפּ ביז די פיס זיינען זיי געשטאַנען פּנים אל־פּנים און האָבען געוואַרט אויפ'ן מאָ־מענט, וואָס האָט געמוזט קומען, אז איין לאנד זאָל אָבטרעטען דעם וועג. אזוי זיינען דאָס די עקאָנאָמישע אינטערעסען געווען, די עקאנאָמי־שע נויטווענדיגקייט, וואָס האָט ביידע לענדער געבראכט צום ברעג פון אבגרונד.

וואָס מעהר מיר קוקען זיך אריין אין די סבות פון דער מלחמה, אין דער ענטוויקלונג פון די געשעהעניסען, אלץ מעהר מוזען מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אז מען קען דאָ ניט בע־שולדיגען קיין איינצעלנע פערזאָנען, ווייל זיי אליין זיינען געווען ניט מעהר ווי ווערק־צייג פון כוחות, איבער וועלכע זיי האָבען קיין קאָנ־טראָל ניט, און דיזעלבע כוחות, דיזעלבע אינ־טערעסען זיינען טהעטיג איבעראל — אין אמע־ריקא, קאנאדא און מעקסיקא, אזוי גוט ווי אין דייטשלאנד, עסטרייך, ענגלאנד און פראנקרייך, און אז זיי האָבען געקענט איי־ראָפּא אריינווארפען אין פייער פון מלחמה, מיט וואָס זיינען מיר דאָס אזוי בעוואָרענט? אין אנגעזיכט פון דעם שרעקליכען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען די מיליאָנען, לאָמיר דאָס גוט אריינגעהמען אין זינען — איבער אונז שוועבט כסדר די געפאהר פון מלחמה.

און וויבאלד מיר האָבען דאָס פערשטאַנען, מוז מלחמה ווערען אונזער הויפּט אישיו. שלעכט גענוג איז דער קאפיטאליסטישער פריע־דען, אָבער טויזענדער מאָל ערגער איז די מלחמה.

די קאפיטאליסטען וועלכע זיינען די מיט־שולדיגע פאר דעם סיסטעם, וואָס רופט ארויס מלחמות, פערשווייגען די אישיו. מיר סאָציא־ליסטען, וועלכע טראָגען קיין פעראנטוואָרטליכ־קייט ניט פאר דער מלחמה, וועלכע האָבען איהר שטענדיג בעקעמפפט, מיר זיינען די איינציגע וועלכע קענען ארויסשטעלען די אישיו — אנא־ליזירען די סבות פון דער מלחמה פאר דער מאסע און לעהרנען איהר אויף אן אינטעליגענ־טען אופן זיי צו בעקעמפפען.

און די סבות פון דער מלחמה זיינען אויף דער האנד — זיי טראָגען אלע איין נאָמען — דער קאפיטאליזם. יאָ, מיר וועלען רופען צו בעקעמפפען דעם קאפיטאליזם. דאָס איז שוין אונזער אלטע אישיו, אָבער אין נאָמען פון דעם שוידערליכען אומגליק, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין אייראָפּא, וואו ימים טרעהרען, וואָס פלי־סען פון מיליאָנען מוטער־אויגען, מישען זיך אויס מיט ימים בלוט, וואָס פלייצען פון מי־ליאָנען יונגע לעבענס, לאָמיר אויפנעהמען אונ־

זער אַלטע אישיו מיט אזוי פיעל ערנסט, ווי־פיעל זי פערדיענט. זיי אין אייראָפּאַ האָבען דעם גרויסען חורבן, מעגען מיר האָבען דעם גרויסען ערנסט.

דער קאפּיטאַליזם מוז געהן. ער האָט גע־בראַכט די מורא'דיגע מענשען־שחיטות, ער האָט אויף די פעלדער, און אין די וועלדער, און אין די גריבער אָנגעשאָטען בערג מיט הרוגים, ער האָט די גרויסע שטעדט אָנגעפילט מיט אַלמנות, יתומים און קריפּעלס און ער גרייט דיזעלבע אומגליקען פאר אונז.

ווען מיר פאָדערן העכערע ווייזשעס, קירצערע שטונדען, בעסערע אַרבייטס־קאנדיציאָ־נען, בעסערע שפּייז, בעסערע היימען און קליי־דער, ענטפערט מען אונז מיט קרופּ'ס 42־סענ־טימעטער הארמאטען און מיט א בליי־שנעלען טויט. דער קאפּיטאַליזם מוז געהן. קסרים, קעניגע און קרופּ זיינען אנאמאַליען אין צייט־אַלטער פון טעלעפאָנען און דראָטהלאָזע טע־לעגראפיע. דער קאַפּיטאַליזם, וואָס פערשפּרעכט אונז דיזע אנאמאַליען צו פערגרעסערן, מוז געהן. דאָס איז די אישיו.

ניט מיר האָבען די אישיו אוועקגעשטעלט, זי איז פאר אונז אוועקגעשטעלט געוואָרען דורך די גרויסע און וועלט־איבערקעהרענדע קרעפטען. אַן אַרבייטער, וועלכער איז יעצט, אין דער שטונדע פון אינטערנאַציאָנאלען חורבן, בלינד און טויב צו דיזער אישיו, איז שטאַרק צו בעדויערן. עס איז אקוראַט ווי איינער וואָלט שטעהן שמייכלענדיג אויף דינאמיט.

מיר לעבען יעצט אין אַזא צייט, ווען פעל־קער ווערען גערופען צו בעגרייפען די פונדאַ־מענטאַלע אמת'ן, און ווען זיי בעגרייפען רעטען זיי זיך, און ווען ניט, געהען זי אנטקעגען א חורבן.

וואָרים אַפילו, ווען דער קאפּיטאַליזם וועט ארויס גאַנץ פון דער איצטיגער קאַטאַסטראָפע, וועט ער זיין גלייך צו א פערוואונדעטער חיה, ביי וועלכער מען האָט ארויסגעשאָסען די גע־הירען, איהר ווייטערדיגער לויפען איז אין א גסיסה צושטאַנד.

האָבען מיר דעם אויסוואהל — אָדער דעם סאָציאַליזם, אָדער די וועלט־גסיסה.

וואָס פאר א בעדייטונג האָבען די אלע קליינינקע אישיוס פון די קליינינקע פּאָליטי־שענס פּנים־אל־פּנים מיט אזעלכע גרויסע, וועלט־ערשיטערנדע אמת'ן!

דזשיממי דזשיראַרד און דזשיממי וואַד־סוואָרטה — גלין און וויהיטמאַן — געהערען צו איין און דעמזעלבען קלאַס. עס איז איבעריג צו ריידען וועגען זיי. זיי שטעהען פאר'ן קאַפּי־טאַליזם, פאַר דער סיסטעם, וואָס האָט איצט זיך אַליין פערשאָלטען מיט קללות, וואָס שפּאָל־טען די הימלען — זיי אַליין ווייסען נעבאַך ניט פאר וואָס זיי שטעהען—זיי זיינען ניט מעהר ווי סטאָלבעס מיט אָנגעקלאָפּטע בלעכלאַך, וואָס שטעהן אויף א פערלאָזענעם וועג.

ווען מיר וואָלטען געקענט אויפהויבען דאָס סיסטעם, וואָס האָט זיך אַליין פערשאָלטען, און א שליידער טהאָן אין כף־הקלע, וואָלטען מיר עס געטהאָן.

אָבער מיר האָבען ניט די מאכט דערצו. מיר זיינען איצט אויך ניט בערופען דערצו. וואָס מיר קענען איצט—איז אָנפאנגען ברעכען דאָס סיסטעם דעם 3טען נאָוועמבער אין אמעריקא. אין יענעם טאָג וועלען מיר האָבען צו קלייבען פאָרשטעהער אין די פערשיעדענע לעדזשיסלייטשורס און קאָורטס, און אין יענעם טאָג וועלען מיר מאכען א טריט פאָרווערטס אין אונזער אַרבייט צו פערבייטען דאָס מלחמה־סיסטעם, מיט דעם סיסטעם פון ברידערליכער סאָלידאַרער מיט־אַרבייטערשאַפט פון אַלע מענשען.

אויף די באַלאָטס וועלען שטעהן פאָר־שטעהער פון קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. אז עס זיינען דאָ אזעלכע, וואָס שטעהען פאר'ן קאַ־פּיטאַליזם און זיינען נאָך געגוג חוצפה'דיג צו קומען צום אַרבייטער פאָדערן וואוטס, איז אַפילו וואונדערליך, אָבער זיי זיינען דאָ.

נאַטירליך, קיין אַרבייטער וואָס פער־שטעהט די לאַגע, וועט ניט אוועקגעבען זיין וואוט צו פעראייביגען דעם קאַפּיטאַליזם און די מלחמות, אָבער עס זיינען פאַרהאַן טויזענ־דער וואָס פערשטעהען די לאַגע ניט, איז יעצט די פּפליכט פון די בעוואוסטזיניגע מענער און אַרבייטער־פרויען אנצוטרייבען די אַרבייט פון ערציהונג פון אַרבייטער־קלאַס מיט אזא ענער־גיע ווי נאָך קיין מאָל בעפאָר.

וואָרים עס איז ניטאָ קיין זיכערהייט און קיין רוהע פאר'ן אַרבייטער־קלאַס ווי לאַנג דער קאַפּיטאַליזם איז אין עקזיסטענץ.

דער קאַפּיטאַליזם איז געקומען מיט א

מיסיאָן. זיין מיסיאָן איז געווען צו ענטוויקלען די אינדוסטריע און צו קאָנצענטרירען די קאָנ־טראָל איבער איהר. די מיסיאָן האָט ער ערפילט, און איצט צושטערט ער נור, וואָס ער האָט גע־בויט. עס קאָן שוין מעהר ניט געבען קיין פער־פאָלקאָמונג מיט און אין דעם קאפּיטאַליזם. די אינדוסטריען זיינען געקומען אין אזא שטאַנד, ווען די פּראָדוצירער אליין דארפען איבערנעה־מען די קאָנטראָל איבער איהר. דער קאַפּיטאַ־ליזם טהוט יעצט ווילדע ארבייט. ער איז שיכור פון מאכט און משוגע אין זיין אונטערגאנג. ער איז געוואָרען א שאנדע און א שפּאָט. ער מוז געהן אויף אייביג; ער מוז געהן באלד.

יעדער וואוט פאר דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, די פּארטיי פון דער קעמפּפענדער און קלאסען־בעוואוסטער ארבייט, נאָוועמבער דעם 3טען, איז א שויפעל ערד אויף דעם פוילענדען קערפּער פון קאפּיטאליזם און ווען מיר וועלען פערפעהלען צו טהאָן אונזער פּפליכט, ווען מיר וועלען ניט ערוועהלען סאָציאַליסטען דעם 3טען נאָוועמבער, וועלען מיר האָבען פערפעהלט צו גע־בען א טויט־קלאפּ דעמיעניגען, וועלכער טויטעט אונז טויזענדערוויז אין די אינדוסטריען און מיליאָנענווייז אין גיהונם פון מלחמות.

מנחם

דער בּייט

(מלחמה־באַלאַדע)

יאָסלען האָט מען צוגענומען,
פייגעל איז אליין געבליבען.
נאָך דער חתונה א חודש
האָט מען איהם פון איהר פערטריבען.

געהט זי אום אין פוסטען צימער,
שטילט איהר טריט און שטילט די טרעהרען,
און דאָס הארץ געהט אויס אין ציטער:
פייגעל וועט א מוטער ווערען.

בייסט זי איין די בלייבע ליפּען
און דערצעהלט איהר סוד ניט קיינעם,
און אין האַרצען נאגען, ציהען
בענקשאַפט, פרייד און שרעק אינאיינעם.

נאָר ביינאַכט אין פוסטען צימער
געהט איהר שטילער קול פערלוירען:
— זאָל ער נור בשלום קומען —
וועל איך איהם א זוהן געבוירען.

ס'ווערען פייגעל'ס טריט אלץ שווערער,
לענגער ציהט זיך די מלחמה.
וואָס א טאָג — אלץ נייע ברענגט מען
פון די שלאַכטען קראַנקע, לאָהמע.

פייגעל געהט פון טיהר צו טיהרעל:
— האָט ווער יאָסלען ניט געטראָפען?...
קיינער ווייס ניט — און די אויגען
ווערען איהר מיט בלוט פערלאָפען.

טאָג אויף טאָג, און קיינער ווייס ניט —
ווערען פייגעל'ס אויגען רויטער.
טאָג אויף טאָג דאָרט פאלען טויזענד —
פייגעל'ס ליפּען בלייבער, טויטער.

און זי מורמעלט: מיינסטו, פאָטער,
מיר דערצו א יתום געבען,
כ'זאָל נאָך איהם אַ נאָמען האָבען —
זאָל עס בעסער ניט דערלעבען!

אויף די גאסען רוישט און ליאַרעמט,
ליעדער שאַלען, פעהנער פּאָכען.
שטרוי געבעט פאר פייגעל'ס פענסטער,
שכנות טעפּ מיט וואסער קאָכען.

שכנות קוקען דורך די פענסטער.
פייגעל'ס קולות לעשען, צאַנקען.
געהט א ציטער דורך די ווייבער:
טויט געבאָרען... גאָט צו דאַנקען!

עפּענט אויף די אויגען פייגעל:
— דאכט זיך — ס'איז דאָרט ווער געקומען!...
יאָסעל שטעהט, און פון די ליפּען
איז דער „מזל־טוב" פערשוואומען.

שטרעקט די הענד, די בלייכע, פייגעל:
— זיי מיר מוחל, יאָסעל־לעבען!
כ'האָב א בייט געמאַכט ביים הימעל,
און שטאָט דיר — דיין בכור געגעבען.

הלל ראָגאָף

גלינן און וויטמאן

גלינן און וויטמאן זיינען, אייגענטליך, ביידע פון דעם זעלבען שניט. זיי געהערען צו דעמזעלבען קלאס פּאָליטישענס — אָהן בעשטימטע שטרעבונגען, זאָגאר אָהן בעשטימטע פערבינדונגען מיט דער אָדער יענער טענדענץ אין זייערע פּארטייען.

ביידע זיינען ערהויבען געוואָרען צו זייער נאָמינייטשאָנס צופעליג, מעהר אָדער ווע־ניגער. גלין איז דורך א צופאל געוואָרען גאָווערנאָר און דורך דעם געקראָגען דיא מעגליכקייט צו איבערצייגען דיא דעמאָקראַטישע מאַשין־פיהרער, אז ער „איז ווערטה" ווידער צו לויפען פאר דיזען אמט. וויטמאן איז דורך א צופאל פּאָפּולער געוואָרען ביי דיא מאסען, און דאס האט אויף איהם געצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא רעפּובליקאנישע פּאָליטישענס און איהם געגעבען דיא געלעגענהייט זיי צו איבערצייגען, אז ער איז „זייער מאן" פאר גאָווערנאָר.

דיא זאָגענאַנטע „בעסערע עלעמענטען" אין דיא אַלטע פּארטייען און דיא אויפריכטיגע בירגער, וואס שטעהען אין גאנצען אויסערהאלב פּארטייען און זוכען צו שטימען פאר'ן בעסערען קאנדידאט, זיינען היי־יאָהר אין א פערלעגענהייט. זיי ווייסען ניט וועמען פון די צוויי אויסצוקלייבען. ביידע האָבען דיזעלבע מעלות און דיא זעלבע חסרונות. וואס פאר אן עצה גיט מען זיך?

גלינן איז אויסגעקליבען געוואָרען פון דעם טאמאני באָס מוירפי; נו, איז וויטמאן אויסגעקליבען געוואָרען פון דעם רעפּובליקאַנישען באָס בארנעס. און צווישען מוירפי און בארנעס איז דער אונטערשיעד גאר א קליינער. פערקעהרט, ווידער, גלינן ווערט געשטיצט פון דיא עהרליכע מענשען פון זיין פּארטיי, פון די, וואס זיינען אימער געווען אויף מעסערס מיט מוירפי'ן; איז דאס זעלבע דער פאל מיט וויטמאנ'ען: ער ווערט אויך געשטיצט פון דיא בעסערע מענשען פון זיין פּארטיי, וועלכע זיינען אימער געשטאנען אין קאמפף געגען בארנעס'ן.

וויטמאן'ס שטארקייט ליעגט אין זיין רעקאָרד אלס דיסטריקט אטאָרני. ער האט זיך ארויסגעוויזען אלס א פעסטער, ענטשלאָסענער מענש, ער קען דורכפיהרען א זאך, וואס ער אונטערנעהמט. פאר א גאָווערנאָר איז נויטהיג צו האבען א שטארקע האנד. אבער איז דאס גענוג? איז א פעסטער כאראקטער ווירקליך אלעס וואס א גאָווערנאָר דארף האָבען?

אין זיין קאמפף געגען דער קארופּטער פּאָליציי אין ניו יאָרק האט, נאך אלעמען, וויטמאן קיין גרויסע בריה'שאפט ניט בעוויעזען. איהם האָט געשפּיעלט דער מזל, מעהר ווי אלעס. זיין מזל איז געווען, וואס דאמאלס איז אין ניו־יאָרק געווען א מעיאָר, וועלכער האָט געהאט פּרינציפּען און ביי וועמען פּרינציפּען האבען געשפּיעלט א גרעסערע ראָלע, וויא פּאָליטישער ערפאָלג.

גיינאָר האט אריינגעטראָגען א נייע אָרדנונג אין פּאָלים סיסטעם. דאָ איז ניט דער פּלאץ צו דיסקוטירען דיא פראגע, צי דיעזע אָרדנונג איז געווען א בעסערע, אדער אן ערגערע וויא דיא פריהערדיגע. דער בייט, אבער, האט צוטרייסעלט דעם פאָריגען גרעפט סיסטעם, וואס האט אין פּאָלים דעפּארטמענט געהעררשט. און איידער דיא טעמעני האָלל חברה האט צייט געהאט צוריק איינצוסטאָלירען דיא כאבאר־מאַשין, איידער זיי האבען צייט געהאט צוצופּאסען דיא גרעפט קאָלעקשאנס און דיא גרעפט צוטהיילונג צו גיינאָר'ס נייע פּאָלים אָרדנונג, איז אין דער כאבאר־וועלט ענטשטאנען א „בונט", א „רעוואָלוציאָן" געגען דיא אַלטע הערשער. אָט דיעזער אויפשטאנד האט עס געגעבען וויטמאן'ען דיא זעלטענע געלעגענהייט צו „רייניגען דיא שטאָדט פון זינד". וואָלט גיינאָר געווען אן איינפאכער פּאָליטישען, וואָלט ער זיין נייע אָרדנונג ניט געהאלטען פאר א הייליגע פּרינציפּ־זאך, וואָלט ער דאן לייכט געקענט וויטמאן'ען אבסטאָפּען און צונעהמען דעם גאנצען כבוד פאר זיך. אבער גיינאָר האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע און וויטמאן האט זיך מיט גיינאָר'ס עהרליכקייט בענוצט אויסצופיינען זיך פאר'ן

עולם. עס האט געהייסען, אז גיינאָר האט מעג־
ליך געמאכט גרעפט און קאָררופציאָן און וועהיט־
מאַן האט עס „אויסגערייניגט“.

* * *

א גאָווערנאָר האט דריי אויפגאָבען: ער דארף ווירקען אויף דער לעדזשיסלייטשור דורכצופיהרען גוטע געזעצע; ער דארף אפּאָינטען פעהיגע און עהרליכע מענשען צו קאָנטראָלירען געוויסע דעפּאַרטמענטס און ער דארף אכטונג געבען, אז די געזעצע זאָלען פּינקטליך דורכגעפיהרט ווערען.

זאָלען מיר זאָגאר צוגעבען, אז וועהיטמאַן איז א גוטער עקזעקוטיוו מאַן, דאס ער איז ווירקליך אויפריכטיג און פעהיג אכטונג צו געבען אויף די פּינקטליכע דורכפיהרונג פון געזעצע; זאָלען מיר זאָגאר דיעזע זעהר צווייפעלהאפטע אייגענשאפטען איהם צושרייבען — קענען מיר אבער בשום אופן ניט צוגעבען, אז ער וועט זיין ערפאָלגרייך אין די אנדערע צוויי אויפגאבען פון דעם גאָווערנאָר.

אין דיא עטליכע יאהר, וואס וועהיטמאַן איז דיסטריקט אטאָרני, האָט ער צו קלאָהר בעוויעזען, דאס ער איז אבסאָלוט אונפעהיג צו מאכען אפּאָינטמענטס. דעם דיסטריקט אטאָרני'ס אָפיס איז שוין לאנג, לאנג ניט געוועזען אזוי אנגעפילט מיט אונפעהיגע אסיסטענטס, וויא איצט. איין גוטען מענשען האט וועהיטמאַן געהאט ביי זיך, דאס איז געוועזען פרענק מאָסס, וועלכער האט אויפגעבויט דיא גאנצע קייס געגען בעקער'ן און געגען די גאַנגסטערס. האָט איהם וועהיטמאַן ארויסגעזעצט פאר קיין אנדער אורזאכע, וויא נאר דערפאר, וואס ער, פרענק מאָסס, האט אנגעהויבען צו ווערען פּאָפּולער, און מענשען האבען גענומען ריידען וועגען נאָמינירען איהם פאר מעיאָר אדער פאר גאָווערנאָר. און אויב וועהיטמאַן איז אלס דיסטריקט אטאָרני ניט פעהיג און ניט וויליג צו נעהמען גוטע מענשען אלס מיטהעלפער, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען וויא ער וועט האנדלען, ווען ער וועט ווערען גאָווערנאָר, ווען צו זיין אונפעהיגקייט און אונווייליגקייט וועט צוקומען דער איינפלוס פון דיא פּאָליטישע באָסעס, וועלכע האבען איהם דיא נאָמינייישאַן געגעבען.

וואס פאר געזעצע קען מען פון א וועהיטמאַן־אדמיניסטרייישאַן ערוואַרטען? אויף דיעזער פראגע איז אונמעגליך צו ענטפערען, און דאס איז, נאָך אונזער מיינונג, דאס ערגסטע. וואָס קען געזאָגט ווערען וועגען א גאָווערנאָר קאַנדידאט.

וועהיטמאַן איז ניט קיין יונגערמאַן. ער איז אויך ניט אָט ערשט אריינגעטראָטען אין פּאָליטיקס. פון דעסטוועגען וויים קיינער ניט וואס פאר אנשויאונגען ער האט איבער דיא פּראָגען פון טאָג, איבער דיא סאָציאָלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעפאָרמען, מיט וועלכע דאס לאנד קאָכט אזוי דיא לעצטע יאהרען. מיט א פּאָר יאהר צוריק איז אין זיין אייגענער פּארטיי, ביי דיא רעפּובליקאנער, פאָרגעקומען א „ספּליט“. רוזוועלט איז ארויסגעטראָטען מיט א „נייע תורה“, מיט א לאנגען פּראָגראַם פון „סאָציאַלע גערעכטיגקייט“. יעדער וואס איז נאר מיט דער פּארטיי געווען פערבונדען, וואס האט פערנומען א פּלאַץ אין דער פּארטיי, האט זיך געשטעלט אויף איין זייט אדער אויף דער צווייטער. וועהיטמאַן האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג. עס האט געהייסען, אז ער איז צו ביזי מיט זיינע „פליכטען“, מיט רייניגען די חטאים פון נויאָרק. אין דעם לעצטען יאהר איז שוין זיין געפעהרליכע „ביזי“ אביסעל איינגעשטילט געוואָרען. ער האט שוין געפונען צייט צו אונטערהאנדלען מיט דעם און מיט יענעם וועגען נאָמינייישאנס. דאָך איז ער איבער דער פּרינציפּען פראגע געבליבען שטום. ער האט בלויז איינגערוימט רוזוועלט'ן א סוד, אז אין 1912 האט ער פאר איהם געוואוט פאר פּרעזידענט. ווען רוזוועלט האט איהם אביסעל שפּעטער געבעטען ער זאָל ארויס פאר דער וועלט אָפען און זאָגען וואו ער שטעהט — צי מיט די אלטע, צי מיט די יונגע אין דער רעפּובליקאנער פּארטיי האָט ער זיך ענטזאגט. ערשט ביים ענדע, ווען רוזוועלט האט זיך פון איהם אין גאנצען אבגעטרייסעלט, האט ער איהם געענטפערט מיט זידעל־ווערטער, אנשטאט קלאָרע, בעשטימטע ערקלערונגען וועגען דער פראגע.

וואס קען מען פון וועהיטמאַן'ען ערוואַרטען, אויב ער וועט ערוועהלט ווערען? איין גאָט וויים. איין זאך איז זיכער, אז ער וועט אין אמט אריין אָהן א שום פּראָגראַם, אָהן א שום פּלאַטפאָרמע. דיא צייט וועט פאר איהם ענטשיידען וויא צו האנדלען. ער וועט, נאַטירליך, שטרעבען צו ווערען פּרעזידענט. וועט ער פיהלען אז דאָס פּאָלק וויל רעפאָרמען, אז א רעפאָרם גאָווערנאָר האט בעסערע אויסזיכטען ארויפצודראפּען זיך אויפ'ן פּרעזידענט־שטוהל, וועט ער מסתמא זוכען צו זיין אביסעל פּראָגרעסיוו. וועט ער ווידער פיהלען, אז דיא הערשענדע פּאָליטישענס וועלען אין זייערע הענד האבען דעם שיקזאל פון דיא נעקסטע פּרעזידענט־וואהלען, וועט ער טרייען זיי צו געפעלען. ער וועט בערייט זיין צו דיענען דעם יעניגען, וואס וועט נאר בעסער בעצאָהלען.

וועגען גלינן קען מען אייגענטליך

אויך ניט ריידען מיט מעהר בעשטימטהייט. אמת, ער איז שוין געווען איבער א יאהר גאָ־ווערנאָר און מען האט שוין געזעהן וויא אזוי ער האט אין געוויסע פעללע געהאַנדעלט. אבער דיא אומשטענדען, אונטער וועלכע ער וועט דיענען דעם נעקסטען טערמין וועלען זיין גאַנץ אנדערע.

מיר גלויבען ניט, דאס גלינן האט אירגענד וועלכע אויסזיכטען צו ווערען פּרעזידענט. ערש־טענס, איז גלינן א קאטהאָליק, און ביז איצט איז נאָך א קאַטהאָליק פאר דיעזען אמט ניט נאָמי־נירט געוואָרען. צווייטענס, מוז גלינן אליין פיה־לען ביי זיך, אז ער איז ניט גרויס גענוג פאר אזא אמט.

נאָך אמאָל לויפען פאר גאָווערנאָר וועט גלינן אויך העכסט וואהרשיינליך ניט. אויב ער וועט ערוועהלט ווערען, וועט עס בעטראַכט ווע־רען אלס זיין צווייטער טערמין, און מעהר וויא צוויי טערמינען דיענט געוועהנליך א גאָווערנאָר ניט. זיין פּאָליטישע קאריערע וועט, אלזאָ, זיך פּאַקטיש שליסען נאכדעם וויא ער וועט אויס־דיענען דעם גאָווערנאָר־טערמין — סיידען! ער זאָל וועלען לויפען פאר יונייטעד סטייטס סע־נאַטאָר, אן אמט, וועלכער ווערט ניט בעטראַכט פאר אזוי וויכטיג, וויא גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטייט.

גלינן וועט זיך אין דיא נעקסטע צוויי יאהר אלזא ניט דאַרפען רעכענען מיט'ן פאָלק און ניט מיט דיא פּאָליטישענס. זיין איצטיגע אדמיני־סטריישאן איז אין בעסטען פאַל געווען א מין קאָמפּראָמיס. ער האט מיט אללע כוחות געטריי־צופריעדענשטעללען אי דאָס פאָלק, אי די באָ־סעס. (ווען מיר ריידען דאָ פון פאָלק, האבען מיר, נאטירליך, אין זינען דיא מאסען בירגער, וועלכע שטימען נאָך פאר דיא אלטע פּארטייען). מאנכע פון זיינע אפּאָינטמענטס האבען ארויס־גערופען דיא שטאַרקסטע פּראָטעסטען צווישען דיא בעסערע עלעמענטען. ער איז פון זיי פער־דאמט געוואָרען אלס א פערקויפטער צו טאמאני האָלל; אנדערע אפּאָינטמענטס, וויעדער, זיינען פון דיא זעלבע בעסערע עלעמענטען אפּלאָדירט געוואָרען. א פּאָאר געזעצע, וואס ער האט גע־האָלפען דורכפיהרען, זיינען גאַנץ גוטע, אויף ווי ווייט מען קען גוטעס ערוואַרטען פון דיא קאפּי־טאליסטישע רעגיערונגען. אנדערע, וויעדער, זיי־נען זעהר שלעכט. עס איז פאר יעדען קלאָהר געווען, אז גלינן האָט פאר זיך אויסגעארבייט דיעזען פּראָגראם, אום צו קענען געפעללען אלע־מען. און העכסט וואהרשיינליך איז דיעזער פּראָ־גראם גוטגעהייסען געוואָרען פון די צוויי עלע־מענטען אין זיין פּארטיי. עס איז קיין צוויפעל ניט, אז מוירפי האָט זיין ערלויבניש געגעבען צו דיא פּאָר גוטע געזעצע, וואס זיינען אין פער־לויף פון לעצטען יאהר געמאַכט געוואָרען.

בלייבט, אלזאָ, דיא פריהערדיגע פראַגע ניט פערענטפערט. וויא וועט גלינן האנדלען, ווען ער וועט צוליעב פערזענליכע צוועקען ניט דאַר־פען מאכען קיין קאָמפּראָמיסען?

דאָס איז ווירקליך א הארבע שאלה. אמאָל האָט מען אין די בעסערע פּאָליטישע קרייזען פון גלינ'ען גאַנץ שטארק געהאַלטען, מען האָט איהם זאָגאר גערעכענט פאר א פערביסענעם געגנער פון טאמאני האָלל און פון מוירפי'ן. דיזע מיינונג וועגען איהם איז אָבער יעצט אין גאנ־צען פערשוואונדען. ער האָט עס אליין פערניכ־טעט מיט זיינע בעציהונגען צו טעמעני אין דעם לעצטען יאָהר. עס איז אלזא, זיכער, דאָס קיין פּרינציפּ־מענש איז ער ניט. ער איז דורכאויס א פּאָליטישען.

* * *

דאס זיינען, אלזאָ, דיא קאַנדידאטען פאר גאָווערנאָר ביי די וויכטיגסטע קאפּיטאליסטישע פּארטייען. ווי עס ווייזט אויס, האָבען דיא מאשין־חברה אין ביידע פּארטייען בכיון אויס־געזוכט אזוינע קליינע, אונבעשטימטע קאנדי־דאטען, כדי מעגליך צו מאכען א פעראייניגונג פון אללע עלעמענטען אין זייערע פּארטייען. דער היי־יאָהריגער עלעקשאָן איז זעהר א וויכטיגער פאר דער נאציאָנאַלער פּאָליטיק. אויב די דעמאָ־קראַטען פערליערען היי־יאהר ניו יאָרק סטייט, וועט עס אנגענומען ווערען אלס א צייכען פון אן אלגעמיינער דעמאָקראטישער מפּלה אין צוויי יאהר ארום. ווילסאָן'ס עלעמענט, אלזאָ, אין דער דעמאָקראטישער אָרגאַניזאציאָן פון ניו יאָרק סטייט, וועלכער איז דער בעסערער עלעמענט, האט זעהר שטארק געוואָלט היי־יאהר שלום מא־כען מיט טעמעני. דאסזעלבע איז געווען דער פאַל אין דער רעפּובליקאנישער סטייט אָרגאַני־זאציאָן. דיא געגנער פון באָס בארנעס האבען געזוכט מיטלען וויא אזוי צו פעראייניגען זיך מיט איהם אויף דעם היי־יאהריגען טיקעט. און אז מען זוכט, פערשטעהט זיך, געפינט מען.

האבען ביידע פּארטייען אויפגעזוכט קאַנ־דידאטען, וועלכע זיינען ניט אהער און ניט אהין, קאנדידאַטען, וועלכע האבען ביים עולם א מעהר אָדער ווייניגער גוטען נאָמען, וועמעס פּאָליטישע קאריערע איז א גאנץ בלאסע, און מען האט זיי נאָמינירט.

ביי דיא דעמאָקראטען איז דער דזשאב גע־מאכט געוואָרען גלאַטער און שטילער וויא ביי דיא רעפּובליקאנער. מוירפי האט זיך בעהאַלטען

הינטער דיא קוליסען און ערקלערט, אז ער ציהט זיך אין גאנצען צוריק פון סטייט פאליטיקס, אז ער וועט זיך מעהר וויא אין דער לאקאלער, טעמעני ארגאניזאציאן ניט מישען. דאן איז עס פאר דער וועלט בעקאנט געמאכט געווארען, דאס גלינן האט זיך פון מוירפי'ן אין גאנצען אבגעטרייסעלט. און ווען מען האט דערשפירט, אז דער גרויסער עולם האט דעם בלאף אראפגעשלונגען, זיינען דיא ווילסאן לייטע איינער נאך'ן אנדערען ארויסגעקומען פאר גלינן'ען. און גאר אם ענדע האט מען אנגעזאגט דיא פרעהליכע נייעס, אז ברייען קומט צופאהרען ריידען פאר גלינן'ען און אז ווילסאן אליין וועט ארויסלאזען אן אפיעל צו דיא בירגער פון ניו יארק, זיי זאלען וואוטען פאר גלינן'ען.

ביי דיא רעפובליקאנער האט עס אייגענטליך געקענט אראפגעהן נאך גלאטער און נאך שטילער. האט זיך אבער רוזוועלט אריינגעמישט, און אנגעמאכט א גאנץ היבשען טומעל. ער האט ניט געלאזט בארנעס'ן זיך בעהאלטען הינטער'ן פארהאנג. בארנעס נעבאך האט עס געטרייט טהאן מיט אלע כחות, אבער רוזוועלט האט איהם געשלעפט צום פראנט און איהם דארטען געהאלטען אזוי לאנג, ביז וואנען עס איז פאר איהם אונמעגליך געווען מעהר צו בעהאלטען זיך. א דאנק רוזוועלט'ן ווערט וויהטמאן איצט בעטראכט אלס בארנעס'עס קאנדידאט מעהר וויא גלינן ווערט בעטראכט אלס מוירפי'ס קאנדידאט; טראץ דעם, וואס וויהטמאן האט ביז מיט עטליכע מאנאטען צוריק מיט בארנעס'ן כמעט גארניט געהאט וואס צו טהאן.

* * *

דער קאמפיין היי־יאהר צווישען די גרויסע פארטייען איז גאר פון אמאליגען סארט—אהן אישיוס, אהן פלאטפארמס, אהן פרעטענזיעס אויף פרינציפען. עס איז בלויז א פראגע, וועלכע פון דיא צוויי פארטייען איז שטארקער אין דיעזען סטייט. הינטער גלינן'ען שטעהט א פעראייניגטע דעמאקראטישע פארטיי, די מאשין און דיא אנטי־מאשין; הינטער וויהטמאן'ען שטעהט א פעראייניגטע רעפובליקאנישע פארטיי, בארנעס־לייט און אנטי־בארנעס לייטע. דער רעזולטאט פון דיא וואהלען וועט, אלזא, גארניט בעווייזען וועגען דעם פראגרעס וואס דיא בירגער פון דיעזען סטייט האבען אין דיא לעצטע פאאר יאהר געמאכט. ער וועט בלויז בעווייזען וועלכע פון דיא צוויי גרויסע פארטייען האט מעהר וואוטערס אין דיעזען סטייט, און וועט דיענען אלס א צייכען וואס פאר א פרעזידענט מען קען ערווארטען צו האבען אין צוויי יאהר ארום.

י. אדלער

דער חשון ווינד

צום חשון־ווינד האט גאט געטהאן א שטרענגען זאג:
„וואס ליגסטו, פוילער! געה און שטורם אויף די וועלט,
און שאקעל אפ פון בוים און וואלד דאס לעצטע בלאט,
און יעדען נעסט צוברעך און אטהעם אוים דיין קעלט!“

דער חשון־ווינד האט אויסגעפאלגט דאס ווארט פון גאט
און באלד זיך אבגעריסען פון דער שווערער קייט;
און איצטער שטעהט ער ביי מיין פענסטער שפעט ביי נאכט
און קרעכצעט פחד־ליעדער אויף זיין שווארצער פלייט...

פון זיינע ליעדער וויינט און קלאגט די אסיען־נאכט,
פון זיינע מעלאדיען הויכט א טיעפער פיין;
די טענער זיינע ברעכען דארע צווייטען אפ
און ווארפען זיי מיט איספעט מיר אין שויב אריין...

ער שפיעלט, ער שפיעלט, דער חשון־ווינד, זיין אומעט־ליעד;
פון יעדען טאן בעזונדער קרעכצט ארוים א וועה;
אין יעדען וועה בעזונדער זיפצט א וועלט־געבעט:
„אה, גאט, ניט אייל זיך מיט דיין בייזען פראסט און שנעע!“

דער חשון־ווינד הערט אוים זיין אייגען פיין און שפיעלט,
און שפיעלט זיין אומעטיגעס ליעד פון טיעפען לייד.
און שווארצער ווערט די נאכט און שווארצער נאך זיין ליעד
און פינסטערער דאס שלוכצען פון זיין אסיען־פלייט...

וואָלאָנטיאָר

די אַרמעען אויפ'ן שלאַכטפעלד

(בריעף פון פראַנקרייך)

פּאַריז, דען 20טען אויגוסט.

די אורזאַכען פון דער מלחמה. די קאָלאָניאַלע פראַגע און די מיליטערישע אינדוסטריע אין דער דייטש־עסטרייכישער אויסערער פּאָליטיק.

די מלחמה האָט זיך ערשט אָנגעהויבען און צעהנדליגע שטעדט און הונדערטער דערפער ליעגען שוין אין חורבות. טויזענדער האָספּיטעלער אין בעלגיען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד זיינען שוין איבערפילט מיט פערקריפּעלטע מענשען, און צוגען מיט קריפּעלס ציהען זיך און ציהען זיך, ביי טאָג און ביי נאַכט. ווער קען צוזעהן און ניט פערצווייפעלט ווערען, ווען מען בעזוכט א שלאַכטפעלד אויף מאָרגען נאָך א שלאַכט. אָבגעווישטע דערפער, שטעדט פערברענטע, אנשטאט הייזער קוימענס, אנשטאט היימען מצבות. בליהענדע וועלדער ווי מיט א ריעזיגער שער אָבגעשאָרען. דער גרעסטער טייל פון אומגליקליכען בעלגיען, א בעדייטענדער טייל פון עלזאַס, פיעלע פראָווינצען פון פראַנקרייך זיינען שוין אמת'ע מדבריות. איבער א טהייל איסט־פּרייסען, גאַליציען, בוקאָווינע האָבען שוין דורכגעשפּאַציערט די קאַנאָנען. סערביען איז האַלב צוטראָטען. און די שרפה שפּרייט זיך ערשט פונאַנדער, זי וואַרפט א בלוטיגען אָבשיין אויף די ווייטעסטע ווינקעלאך פון אייראָפּאַ. אומעטום איז אָנגעזאַמעלט ברען־מאַטעריאַל און אויפרייסונגס־שטאָפען. די נייטראַלע לענדער זיינען אַלע פאַרטיג צו ברענען. און עס איז גענוג איין פונק, אַז גאַנץ אייראָפּאַ זאָל זיך נעהמען קאָרטשען אין א שרעקליכען פייער וואָס זינט די וועלט שטעהט איז נאָך אַזאַ ניט געווען.

און דיעזער שרעקליכער חורבן, אין וועלכען עס וועלען אומקומען מיליאָנען מענשליכע לעבענס און אונגעהייערע עקאָנאָמישע קרעפטען וועלען צושטערט ווערן, וואָס דאָס וועט ברייגנען צו א געוואַלטיגער קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּאַ פון איין זייט און פון דער אַנדער זייט אונגעוועהנליך פערשטאַרקען די מאַכט פון די פעראייניגטע שטאַאטען — דיעזער חורבן איז סוף כל סוף אַרויסגערופען געוואָרען דורך עקאָנאָמישע אורזאַכען. אין די אונפערמיידליכע ווידערשפּרוכען פון דער היינטיגער עקאָנאָמישער אָרדנונג, וואָס בעשאַפען א ווילדע יאָגעניש נאָך אויסערע מערק, אין דעם קאַמפּף פון די אייראָ־פּעאישע מלוכות פאַר די אַפריקאַנער קאָלאָניעס, פאַר די גרויסע אייזענבאַהנען אין קליין־אַזיען — דאָרט מוז מען זוכען די אורזאַכען פון דער איצטיגער וועלט־מלחמה. פון די ענגלישע בלויע ביכער, וואָס זיינען ניט לאַנג צוריק פערעפענטליכט געוואָרען און וואָס ענטהאַלטען די דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד, שטעלט זיך אַרויס פאָלגענדעס: ענגלאַנד האָט בעקומען פון דייטשלאַנד די פערזיכערונג, אַז פראַנצויזישע טעריטאָריע וועט ניט גערירט ווערען, אָבער וואָס שייך די פּ ר אַ נ צ ו י ז י ש ע ק אָ ל אָ נ י ע ס איז אַזאַ פערזיכערונג ניט געגעבען געוואָרען. וואָס זאָלען ניט געווען זיין די עקאָנאָמישע מאָטיווען פון ענגלאַנד, די ציעלען פון דער דייטשער רעגיערונג זיינען איצט קלאָר: פערכאַפּען די פראַנצויזישע מאַראָקאָ, די בעלגישע קאָנגאָ און אפשר אויך אינדאָ־קיטאַי. אָט דערפאַר קעמפּפען דאָס ווי לייבען די דייטשע סאָלדאַטען, וועלכע וואַרפען זיך אויף די פעסטונגען פון ליעזש, נאַמור, נאַנסי, מאַבעזש א. ז. וו. און מעגען די דייטשע צייטונגען פון אַלע ריכטונגען זיין גערעכט, ווען זיי טענה'ן, אַז איצט האַנדעלט זיך וועגען זיין אָדער ניט זיין פאַר דייטשלאַנד, אָבער די ערשטע אורזאַכען זיינען פאָרט געווען קאָלאָניעס.

און ווי נישטיג עס זאָל ניט געווען זיין די אורזאַכען פון דער מלחמה, איהרע פאָלגען וועלען זיין גאַנץ שווערע. איצט שטעהט אין שפּיעל דייטשלאַנד. די קאַזאַצקע פערד האָבען שוין בעטראָטען דעם באָדען פון איסט־פּרייסען. אין פראַנצויזישען חיל קעמפּפען א היבשע צאָהל שוואַרצע באַטאַליאָנען. אין פאַל פון א נצחון פון די פערבינדעטע, ווען רוסלאַנד זאָל זיך איינגעבען דער מאַרש קיין איסט־פּרייסען און פראַנקרייך, געשטיצט פון ענגלאַנד, וואָס פערמאָגט גראַנדיעזע כוחות, וועט איבערגעהן פון פערטיידיגונג אויף אָנגריף, וועלען די דאָזיגע מחבלים — די קאָזאַקען און די שוואַרצע — ניט איבערלאָזען א שטיין אויף א שטיין אין די בליהענדע דייטשע פּראָווינצען.

ביסמאַרק'ס יורשים, די דייטשע דיפּלאָמאַטען, האָבען ניט פאָראויסגעזעהן, אַז די קריעגס־ערקלערונג פון עסטרייך צו דער קליינער סערביען וועט אַוועקשטעלען דייטשלאַנד פנים אל פנים

מיט ענגלאַנד און יאַפּאַן. זיי האָבען זיך גיכער געריכט, אַז יאַפּאַן וועט זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט און אָנפאַלען אויף רוסלאַנד. און יאַפּאַן לייט גאָר אויס איהרע בעלאַגערונגס־קאַנאָנען רוסלאַנד. און אַז דייטשלאַנד זאָל אַרויס זיעגרייך פון קאַמפּף מיט אַזוי פיעל מלוכות, אַז ווילהעלם זאָל נעהמען דיקטירען זיין ווילען ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד איז שווער צו גלויבען. און ווער וועט געווינען פון א דייטשער מפּלה? מען זאָגט, דער אייראָפּעאישער פריעדען..

צוזאַמען מיט די קאָלאָניאַלע אינטערעסען האָבען די אינטערעסען פון דער מיליטערישער אינדוסטריע אָנגעפיהרט די דייטשע פּאָליטיק. אָט וואָס דער בעריהמטער ראָמאַניסט וועלס, דער אויטאָר פון דער „מלחמה פון די וועלטען“, שרייבט אין זיין פאָררעדע צו דער „אילוסטרירטער מלחמה“:

„דער דייטשער מיליטאַריזם איז אין א משך פון 40 יאָהר געווען די פּעסט פון אייראָפּא. און די פּעסט האָט מיט יעדען טאָג אָנגענומען א געפעהרליכערן כאַראַקטער. דייטשע שטאַאטסמענער, דייטשע פּראָפעסאָרען האָבען אָפען געפרעדיגט, אַז מאַכט הערשט איבער רעכט. צוזאַמען מיט זיי איז גאַנץ דייטשלאַנד געווען אָנגעשטעקט מיט הכנעה פאַר דעם פויסט. איבער דייטשלאַנד איז דאָ ניט נור א קייזער, נור אויך די וואַפען־פירמע קרופּ. אויף די טרעפלאַך פון טראָן לאַגערט דער מלחמה־טראָסט, דיעזע מערדער־באַנדע, וועלכע גראָבט זיך אונטער דער ציוויליזאַציע...

די איצטיגע מלחמה איז א מלחמה פאַר פריעדען. איהר ציעל איז ענטוואַפנונג. זי איז די לעצטע מלחמה. עס זאָל מעהר קיין קייזער ניט זיין, עס זאָל מעהר ניט זיין קיין קרופּ!“.

יאָ, דער בעריהמטער ראָמאַניסט איז גערעכט, ווען ער שטרייכט אונטער, אַז קרופּ און דער מלחמה טראָסט האָבען פער׳סמ׳ט דאָס אינערליכע לעבען פון דייטשלאַנד, איהר אויסערליכע פּאָליטיק, איהר ליטעראַטור, אוניווערזיטעטען און דיפּלאָמאַטיע. נו, אַז קרופּ וועט אָבגעראַמט ווערען פון דער ערד, וועלען ניט בלייבען דער פראַנצויזישער קרעזאָ־שניידער, דער ענגלישער אַרמסטראָנג און דער רוסישער פּוטילאָוו? וואָס וועט די מענשהייט געווינען, ווען א פּאָאר וואַפען־פירמעס וועלען זיעגען איבער א מעכטיגען קאָנקורענט?

* * *

געהען מיר אַריבער צו עסטרייך, געפינען מיר ווידער א מאָל, אַז ריין־עקאָנאָמישע אינטערעסען האָבען געטריבען די צופאַלענדע מלוכה אַריינצולאָזען זיך אין אַזאַ ריזיקאַלישען שפּיעל. אויף דער פראַגע, צוליעב וואָס האָבען די עסטרייכער דיפּלאָמאַטען געשטעלט אין סכנה די סאַמע עקזיסטענץ פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע, ענטפערט אַן עסטרייכישער מיליטערישער שרייבער, וועלכער בעהאַלט זיך אונטער׳ן נאָמען קאַסאַנדער, אין זיין אַרטיקעל „די אייראָפּעאישע בעוואַפנונגען און עסטרייך“:

„אונזער שווערע עקאָנאָמישע לאַגע קען נור פערלייכטערט ווערען דאַן, ווען מיר וועלען אַריינבעקומען די באַלקאַנען אַלס א קאָלאָניע, וואָס געהערט אויסשליעסליך צו אונז, וואוהין מיר וועלען קענען אָבזעצען דעם איבריגען טייל פון אונזער אינדוסטריעלער און גייסטיגער איבער־פּראַדוקציאָן און פון אונזער איבער־בעפעלקערונג“.

אונטער דער גייסטיגער איבער־פּראַדוקציאָן ווערען דאָ געמיינט די אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער, וועלכע ניט קענענדיג געפינען קיין אַנווענדונג פאַר זייערע פעהיגקייטען און אַפּעטיטען, ניט אַלס בעאַמטע און ניט אויף וואָסער עס איז אַנדער אופן, זיינען אַן אמת׳ער אומגליק פאַר׳ן לאַנד.

„די באַלקאַנען מוזען מיר האָבען ווייל מיר האָבען ניט קיין אַנדער מיטעל צו פערבלייבען א גרויסע מלוכה. עס איז א פראַגע פון אונזער זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ, עס איז א פראַגע ווי אַזוי אויסצומיידען אַן עקאָנאָמישען באַנקראָט, וואָס וועט דאָך אונפערמיידליך פיהרען צו דער צופאַלונג פון אונזער מאָנאַרכיע, עס איז א פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין... מיר דאַרפען זיך בעוואַפנען, בעוואַפנען, בעוואַפנען.“

און ער ענדיגט:

„בעוואַפנען זיך פאַר דעם ענטשיעדענעם קאַמפּף! ברייננגט אייער געלד הויפענווייז, גאַנצע שאָפלען. גיט אַוועק אייער לעצטען גראָשען! גיט אַוועק אייערע בעכערס, אייער זילבער און גאָלד, אייערע דימענטען — אויף צו קויפען אייזען. שטריינגט אָן אַלע אייערע כוחות פאַר דער גרעסטער בעוואַפנונג, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן. גיט א ביקס אין האַנד דעם אינגעל און בעוואַפענט דעם אַלטען. בעוואַפענט זיך מיט אימפּעט, אונאויפהערליך, טאָג און נאַכט, איהר זאָלט גרייט זיין פאַר דער ענטשיידונג, וואָרים נאָהענט איז דער לעצטער טאָג, וואָרים אַז ניט זיינען עסטרייכ׳ס טעג געצעהלטע!“.

אַזוי, עסטרייך איז פערלאָרען, ווען די באַלקאַנען ווערען ניט זייער קאָלאָניע. אָבער דאָס וועט דאָך איהר בשום אופן ניט געלינגען, און מעגליך, אַז ווען דיעזע שורות וועלען געלעזען ווערען, וועלען שוין אַלע איינזעהן, אַז עסטרייך געהט צו גרונד.

אָבער וואָס איז עס פאַר אַן אָרדנונג, וואָס

שטעלט די ציווילזירטע לענדער אין אזא לאגע, אז זיי מוזען ראבעווען און פערכאפּען, אנדערש קענען זיי ניט עקזיסטירען, ניט אויפהאלטען זייער פּרעסטיזש, זייער עקאָנאָמישע מאכט? און וואָס וועט שוין זיין, אז די מלחמה וועט זיין צו ענד, ווי זי זאָל זיך ניט אויסלאָזען? די ענגלישע, פראנצויזישע און בעלגישע פּובלי־ציסטען ווילען האָבען, אז ווען דייטשלאנד און עסטרייך וועלען צושמעטערט ווערען, וועט דעם מיליטאריזם געגעבען ווערען א טויט־קלאפּ, וועט די שטייער־לאסט אראָפּגענומען ווערען פון די פאָלקסמאסען, וועלען די מלוכות זיך ענטוואפנען און פריעדען וועט זיין אויף דער וועלט. מען דארף זיין פערבלענדעט צו גלויבען, אז דער זיעג פון רוסלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד פון איין זייט און די אָבשוואכונג פון דייטשלאנד און צופּאַ־לונג פון עסטרייך פון דער אנדער זייט, קען ברייננגען צו א זיכערען שלום אין אייראָפּא.

און פערקעהרט, דער זיעג פון דייטשלאנד און עסטרייך וועט טאקע בעדייטען דעם טריאומף פון מיליטאריזם, אין זיין גראָבער, בארבארישער, צינישער פאָרם. דאָס וועט בעדייטען, אז גע־רעכט זיינען געווען די פּרייסישע גענעראלען, מיט זייער פּעראכטונג צו דער גאנצער וועלט, מיט זייער גלויבען אין גראָבען כוח, אין סטרא־טעגיע און טאקטיק, אין בליץ־שנעלע מאָבילי־זאציעס, אין גאלאָפּיגע מארשען און קאָנטער־מארשען. צו וואָס קען ברייננגען אזא זיעג? צו דער פערניכטונג פון סערביען, צו דער אנעק־סירונג פון לוקסעמבורג, בעלגיען און אפשר אויך האָלאנד, צו דער רואין פון פראנקרייך, צו א נייער אָפּעראציע אין איהר טעריטאָריע און אפשר צום שטורץ פון דער רעפּובליק, צו אלגעמיינער מיליטער־פליכט אין ענגלאנד, צו בעוואפנונגען, בעוואפנונגען גאָר אָהן א ברעג, צו ווילדע משוגענע בעוואפנונגען, וואָס וועלען אריבערשטייגען אלץ, וואָס די וועלט האָט גע־זעהן אין די לעצטע יאָהרצעהנדליגע.

זאָלען הייסט עס דייטשלאנד און עסטרייך פערלירען? זאָל דעם דייטשען פאָלק בעשערט זיין אזא אומגליק? זאָל פערניכטעט ווערען די בליהענדע דייטשע אינדוסטריע, זאָלען פער־אָרימט ווערען די מיליאָנען, וועלכע האָבען איהר מיט זייער מיה און שוויים אויפ־געהאָדעוועט, זאָל אומקומען די דייטשע קולטור, וואָס ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע אינערליכע חסרונות האָט אזוי פיעל אויפגעטהאָן פאַר דער מענשהייט? ווער ווער עס וועט פערלירען, מיר, סאָציאליסטען, די דייטשע סאָציאל־דע־מאָקראטיע, דער גאנצער אינטערנאציאָנאל — מיר האָבען שוין פערלאָרען. פערדאמט זאָל זיין די מלחמה און די יעניגע, וועלכע האָבען איהר ארויסגערופען.

רוימס, 26טער אויגוסט.

אין וואָס איז דייטשלאנד'ס מאכט. דער מאַרש פון דער דייטשער אַרמעע. די דייטשע שווערע אַרטי־לעריע. דייטשלאנד'ס פּרעסטיזש.

דייטשלאנד איז מיליטעריש מורא'דיג שטארק. דייטשלאנד איז א מיליטערישער ריעז. דייטשלאנד'ס מאכט איז אין דער בליהענדער אינדוסטריע, אין דער צאָהל און איינארטיגקייט פון דער בעפעלקערונג, אין דער בעקוועמער געאָ־גראפישער לאגע, וואָס האָט מעגליך געמאכט א שנעלע טראנספּאָרטירונג פון סחורות אין אלע ריכטונגען. און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז דייטשלאנד זאָל זיך בעדעקען מיט א געדיכטען נעץ פון אייזענבאהנען, וואָס איז זעהר וויכטיג פאַר א מלוכה סיי אין פריעדען, סיי אין קריעג. דייטשלאנד'ס מאכט איז אין דער מערקווירדיגער אָרגאניזאציע פון דער דייטשער ארמיי, אין דער פערהעלטניסמעסיגער עהרליכקייט פון דער דייטשער ציווילער און מיליטערישער ביוראָקראטיע. צולעצט, דייטש־לאנד'ס מאכט איז אין די ריעזיגע קאנאָנען און וואפען־פאבריקען, וואָס האָבען געגעבען דייטש־לאנד א וואונדערבארען שלאכט־אפּאראט — אויסגעצייכענטע ביקסען, א מעכטיגע ארטילע־ריע בכלל און דעם 42־סענטימעטער־הארמאט בפרט — דער הארמאט, וואָס מאכט מיט 2־3 שאָסען א תל פון די שטארקסטע פאָרטען.

און דיזע מאכט האָט זיך ארויסגעצייגט אין דער בעלגישער קאמפּאניע, וועגען וועלכער מיר וועלען באלד ריידען, און אין די שלאכטען דורך די צפון־ און מיטעל־פּראווינצען פון פראנקרייך אויפ'ן וועג צו פּאריז.

אום די לעזער, וועלכע זיינען אזוי ווייט פון די שלאכט־פעלדער און פון קריעגס־פּלאץ, זאָלען פערשטעהן, אין וואָס איז די שטארקייט פון דער דייטשער ארמעע, וועל איך בעשרייבען צוערשט, ווי אזוי די דייטשע ארמעע מארשירט.

פּלוצלינג בעוועגט זיך אויפ'ן שאָסע־וועג און טראָגט זיך דורך בליץ־שנעל א געפּאנצער־טער אויטאָמאָביל, אין וועלכען עס זיצען ביז 20 סאָלדאטען. באלד נעהמען זיך שיטען אויף אלע זייטיגע וועגלאך, וואָס לויפען ארום שאָסע־וועג, גרופּקעלאך קאוואלעריע, פון 5 ביז 20 מענשען יעדערע. ווען דער גאנצער וועג איז אויף אזא אופן אויסגעפּארשט און געפינט זיך אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם אוואַנ־גארד, קומען צופליהען אויף אויטאָמאָ־בילען די פאָרערטיילען פון די פּוס־געהער. צוזאמען מיט דער קאוואלעריע אטאקירען זיי דעם שונא און טאפּען אָן זיין גבורה. און מיט מערקווירדיגער שנעלקייט הויבען אָן צו געהן באטאליאָנען, פּאָלקען, די־וויזיעס, קאָרפּוסען און גאנצע ארמעען און עס ברענגט זיך פונאנדער א שלאכט, וואָס דויערט

2, 3, 4 און 8 טעג, אין עטליכע פּונקטען אויף א מאָל, וואָס זיינען אָפּט אָבגעטיילט איינס פון אַנדערן אויף עטליכע צעהנדליג מייל — א שלאַכט, וואָס צושפּרייט זיך און צוואַרפט זיך אויף עטליכע הונדערט מייל.

און וואָס איז די נייע טאַקטיק פון דיזער אַרמעע?

די דייטשע אַרמעע געהט אין שלאַכט אין געדיכטע אונגעהויערע קאָלאָנען, וועלכע ווערען געשטיצט מיט שווערע אַרטילעריע אין אזא צאָהל, וואָס איז ביז איצט ניט געהערט געוואָרען. שווערע אַרטילעריע פלעגט מען גע־ברויכען ביי בעלאַגערונגען אָדער ביים פערטיי־דיגען א בעפעסטיגטע פּאָזיציע געגען דעם אַטאַ־קירענדען שונא. דאָס ברייגען זיי אויפ׳ן שלאַכט־פעלד פלעגט אַנקומען מיט גרויסע שוועריגקייט. זיי פלעגען אַנקומען צום פּלאַץ ערשט אין 2־3 חדשים אַרום, ווען דער שונא איז אריינגעדרונגען אָדער מען איז אריינגע־דרונגען צום שונא אין לאַנד. אַזוי צ. ב. ש. האָבען די רוסען אום צו בעשיצען מוקדען און לאַיאַיאַן געמוזט שלעפּען האַרמאַטען פון די פעסטונגען אין פּוילען, קרים און בעסאַראַביען. די דייטשען דאַרפען ניט אויסלייידיגען זייערע פעסטונגען אום צו האָבען אונטער דער האַנד האַרמאַטען. יעדע קאָלאָנע פיהרט איהרע האַר־מאַטען מיט זיך — לייכטע, שווערע און די שווערסטע, און זי געברויכט זיי ניט נור ביי בעלאַגערונגען און צו פערטיידיגען א פּאָזיציע, נור אויך אין אָפענעם פעלד. יעדע קאָלאָנע איז א בעוועגליכע פעסטונג, וואָס וואַרפט פון זיך אַרויס גיהנום׳ס מיט פייער.

אז אַן אַרמעע זאָל קענען פיהרען מיט זיך ניט בלויז פעלד־אַרטילעריע, נור אויך פעס־טונגס־האַרמאַטען — דאָס האָבען נור געקענט בעווייזען די דייטשען מיט זייער וואונדערבאַ־רען אָרגאַניזאַטאָרישען טאַלענט.

דייטשלאַנד׳ס מאַכט איז נאָך אין דעם פּרעסטיזש, אין דעם גרויסען נאָמען, וואָס עס האָט זיך געשאַפען מיט די נצחונות פון 1866 איבער עסטרייך און 1871 איבער פראַנקרייך. ניט קוקענדיג וואָס עס האָט איצט אויסצוהאַל־טען א קאַמפּף מיט אַזוי פיעל שונאים, איז נאָך אַלץ שטאַרק דער גלויבען, אז געווינען וועט דייטשלאַנד, און די נייטראַלע לענדער, וואָס שאַרפען שוין לאַנג די צייהן געגען עסטרייך, האָבען מורא אַרויסצוטרעטען געגען עסטרייך־דייטשלאַנד.

איך האָב זיך צורעדט מיט אַן איטאַליע־נישען דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט יאָהרען לאַנג פערבראַכט אין רומעניען. איך האָב איהם גע־פרעגט וועגען דער שטעלונג פון רומעניען. ער האָט מיר געענטפערט: „עס איז נאָך אַלץ אונ־בעשטימט... ניט לאַנג איז געווען א זיצונג פון אַלע מיניסטאָרען און פּאַרטיי־ליידערס אונטערן פאָרזיץ פון קעניג. אַלע זיינען געווען דערפאַר, מען זאָל שטעהן מיט רוסלאַנד געגען עסטרייך. דער קעניג איז געווען דאַגעג־גען. יאָ, עסטרייך צופאַלט, אָבער דייטשלאַנד קען זיך האַלטען געגען פראַנקרייך און רוס־לאַנד צוזאַמענגענומען. טו לאָמיר בלייבען נייטראַל, אָדער שטעהן מיט׳ן צד, וועלכער וועט געווינען — מיט דייטשלאַנד“.

רומעניען וויל אָבפּליקען א חלק פון עסטרייך און האָט מורא זיך איינצושטעלען צו־ליעב דייטשלאַנד. דאָסזעלבע איז אויך מיט איטאַליען.

דער דייטשער פּלאַן. די צוויי טאַקטיקען. נאַפּאָ־לעאָנ׳ס סטראַטעגיע. דאָס איצטיגע שלאַכטפעלד און די נייע סטראַטעגיע. דער מוסר השכל פון דער ענגליש־בורישער און רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה. פאַרוואָס איז דייטשלאַנד געצוואונגען גע־ווען צו ברעכען די נייטראַליטעט פון בעלגיען און לוקסעמבורג.

יאָ, דייטשלאַנד איז מעכטיג, אָבער דאָך האָט דער דייטשער גענעראַל־שטאַב איינגעזעהן, אז קעמפּפען און זיעגען איבער פראַנקרייך און רוסלאַנד גלייכצייטיג וועט זיין זעהר שווער, און ער האָט אויסגעאַרבייט א פּלאַן: בליץ־שנעל אָנצופאַלען און צושמעטערן פראַנקרייך מיט א האַסטיגען קלאַפּ און דאַן זיך א לאָז טהאָן מיט אַלע כוחות אויף רוסלאַנד.

אָבער ווי בעפאַלט מען בליץ־שנעל און ווי צושמעטערט מען פראַנקרייך? און דאָ, אום צו פערשטעהן דעם דייטשען פּלאַן, וועלען מיר זיך מוזען אריינלאָזען אין איינצעלהייטען, וואָס וועלען אגב אורחא אויך ערקלערען, פאַר וואָס דייטשלאַנד איז געצוואונגען געווען צו ברעכען די נייטראַליטעט פון בעלגיען.

עס זיינען פאַראַן צוויי טאַקטיקען — די אַלטע נאַפּאָלעאָנישע — מען זוכט אויסצוגע־פינען דעם שוואַכסטען פּונקט אין פראָנט פון דעם שונא׳ס אַרמעע, וואו דער ווידערשטאַנד קען זיין אם קלענסטען, און אהין שפּאַרט מען מיט דעם הויפּט־טייל פון דער אַרמעע און מען דערלאַנגט דעם שטאַרקסטען קלאַפּ, מיט דעם צוועק דורכצורייסען דעם שונא׳ס אַרמעע, און עס איז פאַרהאַן די מאָדערנע דייטשע טאַקטיק — ניט קיין פראָנט־אַטאַקע, נור א פלאַנק בע־וועגונג, וואָס זוכט אַרומצוגעהן, אַרומצונעהמען און אַרומצורינגלען דעם שונא. די טאַקטיק איז מעהר צוגעפּאַסט צו די איצטיגע בעדינגונגען.

אין נאַפּאָלעאָנ׳ס צייטען זיינען די אַרמעען נאָך געווען פערהעלטניסמעסיג קליין, דאָס שלאַכטפעלד איז ניט געווען צוזויגען, איז מעג־ליך געווען אויסצופּראָבירען דעם שונא׳ס כוחות דורך לייכטע אוואַנגאַרד־געשלעגען. דער אוי־בער־קאָמאַנדיר טרעפט אָב פון דעם גאַנג פון די פראָבע־שלאַכטען דעם שוואַכסטען פּונקט

און לאָזט אַרויס דעם גאַנצען רעזערוו. אַזוי מאָהלט מען געוועהנליך נאַפּאָלעאָנען. ער שטעהט אויף א בערגעל, אמאָל זיצט ער אויף א פערד, קוקט אין א בינאָקל, אָדער מיט זיין שאַרפען בליק זוכט ער דורכצודרינגען די וואָלקענס רויך. פלוצלינג גיט ער א צייכען און אין א געוויסער ריכטונג גיבען זיך א לאָז עסקאַדראָנען אין שטאָהלענע פאַנצערס, מיט אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטען. דעם שונא'ס פראָנט נעהמט זיך וויעגען, גיט ביסלעכווייז נאָך, ווערט דורכגעריסען און אין דעם פאַלען אַריין די עסקאַדראָנען א. ז. וו.

אַזוי מאָהלט אויך פושקין דעם שוועדישען קעניג קאַרל דעם צוועלפטען פאַר דער פּאָלטאַווער שלאַכט. א קראַנקען האָט מען איהם אַרומגעטראָגען אין פראָנט פון די אַרמעען, פלוצלינג א שוואַכער מאַך מיט דער האַנד א. ז. וו.

אָבער איצט, ווען די ביקסען שיסען אַזוי וויט און די אַרטילעריע שלאָגט אויף צעהן מייל און מעהר, ווען די שלאַכט־פעלדער צושפּרייטען זיך אויף צעהנדליגע און הונדערטער מיילען, וואָס וואָלט שוין געקענט אויפטהאָן דער געניאַלסטער קריעגס־פיהרער, א קאַרל דער 12טער, א פּעטער דער גרויסער, א נאַפּאָלעאָן מיט א שאַרפען און דורכדרינגליכען בליק? און אַפילו מיט א שוואַכען מאַך מיט דער האַנד? העכסטענס אָבמעסטען און אויספאָרשען א טיילכעלע פון דעם שונא'ס אַרמעע.

און די שלאַכט־פעלדער, לויט די בעדינגונגען פון דער היינטיגער מיליטערישער טעכניק, מוזען זיך צושפּרייטען. ביי דער שלאַכט אין וואַטערלאָ, אין 1815, וואו נאַפּאָלעאָן האָט געכאַפּט א מפּלה, האָבען די פראַנצויזען און די ענגלענדער געהאַט צו 75 טויזענד. האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט אויף 6 קילאָמעטער. איצט וואָלטען 75 טויזענד סאָלדאַטען, דאָס מיינט 2 קאָרפּוסען, זיך געמוזט אויסציהען וועניגסטענס אויף 20 קילאָמעטער, אום צו געבען א מעגליכקייט צו אַרבייטען פאַר 50 טויזענד ביקסען און 300 וויט־שלאָגענדע האַרמאַטען. דריי מאָל אַזוי פיעל סאָלדאַטען — 225 טויזענד, מיט 150 טויזענד ביקסען און 900 האַרמאַטען וואָלטען שוין פערנומען 60 קילאָמעטער, א האַלבער מיליאָן סאָלדאַטען וואָלטען זיך געמוזט אויסשטרעקען אויף הונדערטער קיל., פערנעהמען עטליכע פּראָווינצען און אפשר אויך אַריינשטעלען א פּוס גאָר אין א זייטיגער מלוכה. דאָ מוז שוין נאַפּאָלעאָן אָבטרעטען דעם פּלאַץ דעם דייטשען גענעראַל שטאַב מיט זיינע פּלענער און מאַטעמאַטישע אויסרעכנונגען.

אין דער נייער טאַקטיק איז די פראָנט־אַטאַקע פערביטען געוואָרען מיט דער פלאַנקען אַטאַקע. אין דער ענגליש־בורישער מלחמה האָבען די ענגלענדער געליטען שרעקליכע פערלוסטען דורך זייערע פראָנט־אַטאַקען, כאָטש אין צאָהל זיינען זיי געוועזען שטאַרקער ווי די בורען. פערקעהרט, די יאַפּאָנעזער האָבען געזיעגט איבער די רוסען, אָנווענדענדיג כסדר פלאַנקען־אַטאַקען, כאָטש אין צאָהל זיינען זיי געוועזען פיעל קלענער ווי די רוסען. ווען זיי וואָלטען דירעקט אַטאַקירט אַזעלכע בעפעסטיגטע פּאָזיציעס, ווי לאַאָיאַן, מוקדען, מיט זייערע וואָלף־גריבער און דראָטענע פערצאַמונגען, וואָלטען זיי פערלאָרען הונדערטער טויזענדער סאָלדאַטען. אָבער זיי פלעגען מאַכען נור אן אָנשטעל, אַז זיי אַטאַקירען דעם פראָנט. זיי פלעגען 7־8 טעג בעשיסען מיט העפטיגען פייער דעם רוסישען פראָנט. די רוסישע גענעראַלען פלעגען ניט אַנדערש מיינען, אַז די גאַנצע יאַפּאָנעזישע אַרמעע גרייט זיך צו וואַרפען זיך אויף זיי, און פלעגען פעסט האַלטען זייערע פּאָזיציעס. אָבער די גאַנצע יאַפּאָנעזישע אַרמעע פלעגט דערווייַלע מאַכען אן אומגעהענדע בעוועגונג פון ביידע פלאַנקען. אויפ'ן 9טען, 10טען טאָג פלעגט שוין דער קורצזיכטיגסטער גענעראַל איינזעהן, אַז די „יאַפּאָשקעס" האָבען איהם אָבגעטאָן אויף טערקיש און פלעגט שנעל פערלאָזען די פּאָזיציעס און אָבטראָגען זיך אויף צעהנדליגע מיילען. די יאַפּאָנעזער האָבען די רוסישע אַרמעע ניט צושמעטערט, ניט גענומען אין פלען, אָבער זיי זיינען געגאַנגען פון זיעג צו זיעג און זיי האָבען בעקומען דאָס, וואָס זיי האָבען געדאַרפט — זיי האָבען דיקטירט זייערע בעדינגונגען ביים שליעסען פריעדען.

און דיעזע טאַקטיק איז אָנגענומען געוואָרען פון דייטשען גענעראַל־שטאַב אַלס די איינציג מעגליכע, אום דורכצופיהרען דעם פּלאַן פון א בליץ־שנעלען אָנפאַל און זיעג איבער פראַנקרייך. דער אַמאָליגער פּלאַן דורכצורייסען זיך דורכ'ן פראָנט פון דער פראַנצויזישער אַרמעע אויפ'ן עלזאַסער גרענעץ איז פערוואָרפען געוואָרען. אָבער וואָס טהוט מען, אַז אויך די פלאַנקען פון דער פראַנצויזישער אַרמעע זיינען פערטיידיגט דורך שטאַרקע נאַטירליכע און קינסטליכע פעסטונגען, און א פלאַנקען־בעוועגונג, א חוץ דעם, וואָס זי וואָלט פערבונדען געוועזען מיט שרעקליכע אָפּפער, וואָלט זי נאָך פערהאַלטען געוואָרען א היבשע ווײַלע ביי די ווענד פון נאַנסי, טול, בעלפאָר און דערווייל וואָלטען אי פראַנקרייך אי רוסלאַנד מאָביליזירט זייערע אַרמעען און דער גאַנצער פּלאַן וואָלט געוואָרען צו נישט. בלייבט געהן דורך די שכנ'ישע נייטראַלע לענדער — שווייץ, לוקסעמבורג און בעלגיען. שווייץ איז אָבער בעשיצט דורך פעסטונגען־בערג און האָט אן אויסגעצייכענטע מיליץ. איז שוין קיין אַנדער וועג ניטאָ, סיידען דורך בעלגיען, בפרט נאָך, אַז דער בעלגיש־פראַנצויזישער גרענעץ לאָזט א פרייען דורכגאַנג.

און עס איז נאָך געווען א טעכנישער גרונד ניט צו רעכנען זיך מיט דער נייטראַליטעט פון די נייטראַלע מדינה׳לאך. די 1½־2 מיליאָנען סאָלדאַטען, וואָס דייטשלאַנד דאַרף א וואָרף טהאָן צו דער פראַנצויזישער גרענעץ, מוז פונאַנדערוויקלען א פראָנט פון 350 מייל, דער דייטש־פראַנצויזישער גרענעץ האַלט אין גאַנצען וואָסערע 225 מייל. דער דייטשער גענעראַל־שטאַב טרעט ניט אָפּ אויף א האָהר פון א חשבון. 350 מייל איז 350 מייל. איז געבליבען געהן דורך בעלגיען.

האָט די דייטשע טאַקטיק פון א פלאַנקענבעוועגונג אויסגעהאַלטען די פּראָבע?

קאמפּיען דעם 16טען סעפּטעמבער

אין 3—4 וואָכען פאַרטיג ווערען מיט פראַנקרייך און דאַן זיך א לאָז טהאָן אויף רוסלאַנד — דאָס איז געווען דער דייטשער פּלאַן. אָבער דאָס קליינינקע בעלגיען האָט פערהאַלטען דעם דייטשען מאַרש אויף גאַנצע 3 וואָכען — פּונקט די צייט וואָס פראַנקרייך האָט נויטיג געהאַט צו פערענדיגען איהר מאָביליזאַציע. און בעלגיען האָט בעצאָהלט דערפאַר מיט איהר הורבן. דאָס פּיצעלע לאַנד, וואָס שטייגט אריבער מיט זיין סחורות־אומזאַץ רוסלאַנד, עסטרייך און איטאַליען, איז א וויסטעניש געוואָרען. די אינדוסטריע־שטעדט זיינען אין שלאַכט־פעלדער פערוואַנדעלט געוואָרען. נאַמור, לואווען, שאַרלרואַ זיינען אוועק מיט פייער און רויך. דער קען ניט אָבשאַצען דעם אומגליק פון בעלגיען, וועր עס האָט ניט געזעהן די אנטלאָפענע בירגער איהרע — איך האָב זיי געזעהן אויף די פּאַריזער וואַקזאַלען. א מעכטיג בליהענדעס לעבען פון א פאָלק איז דערשטיקט געוואָרען.

ביי שאַרלרואַ האָט די פעראייניגטע ענגליש־פראַנצויזישע ארמיי אומזיסט געפּרובט אָבשטעלען דעם מאַרש פון די דייטשען, דאָס בעגעגנען זיך איז געווען פריהצייטיג, סטראַטעגיש ניט אויסגערעכט. עס איז געווען ריינע סענטימענטאַליטעט: צו ווייזען די בעלגיער, אז זיי זיינען ניט אליין, אז מען האָט זיי ניט פערלאָזען.

א פערוואונדעטער ענגלישער סאָלדאַט דערצעהלט וועגען דער שלאַכט ביי שאַרלרואַ: „מיר האָבען געמיינט, אז די דייטשען זיינען 15 מייל פון אונז, ערשט זיי פייערען אויף אונז מיט שווערער ארטילעריע גאָר פון דער זייט. דער קלאַפּ איז געווען אזאַ האַסטיגער, זיי האָבען זיך א שאָט געטהאָן אין אזא אונגעהייערער מאססע, אז עס איז געווען לעכערליך צו ריידען וועגען א ווידערשטאַנד. אן אמת׳ר גיהנום, א בלייענער רעגען. איך וואונדער זיך ווי אזוי איך לעב — פון מיין גאַנצער ראָטע זיינען 2 פערבליבען“.

און ניט נאָר די שלאַכטען אין אָפענעם פעלד, נור דער פאַל פון אזעלכע פעסטונגען ווי ליעזש, נאַמור, די פראַנצויזישע לאַנגווי, מאַביעזש — נאָך צוויי וואָכען מיט 40 טויזענד גאַרניזאָן און 400 האַרמאַטען — אין מאַנאָנווילער — מאַנאַנווילער, איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען אין דער וועלט, געפאַלען נאָך אנדערטהאַלבען טעג אונטער דעם פייער פון צוויי 42־סנטימענטער האַרמאַטען — דער פאַל פון אזעלכע פעסטונגען האָט בעוויעזען די שרעקליך צושטערענדע קראַפט פון דער דייטשער שווערער ארטילעריע.

פערזאָרגט מיט שווערער ארטילעריע, מיט אן אונגעהייערער מאַסע אויטאָמאָבילען, מיט א צאָהלרייכער קאַוואַלעריע, מיט א גאַנצער פלאָטע עראָפּלאַנען — האָט די דייטשע ארמיי דורכגעריסען דעם פראַנצויזישען גרענעץ. 5 ארמייען, דורך 5 פערשיעדענע פלעצער — געדיכטע טיעפע קאָלאָנען, צו צעהנדליגע מייל יעדערע, פלעגען זיי זיך צונויפגיסען אין שלאַכט און אויסציהען זיך אויף הונדערטער מיילען, אויסבויגענדיג זיך אין א ליניע פון דרום־מזרח צו צפון־מערב. די כונה איז פון אָנהויב אָן געווען קלאָר — א קאָנצענטרירטער מאַרש פון אַלע 5 ארמייען אויף פּאַריז און אן אומגעהענדע בעוועגונג פון דעם צפון־מערב פליגעל אונטער דער קאַמאַנדא פון פעהיגען גענעראַל פאָן־קלוק, און דיזע טאַקטיק האָט זיך ווידער ארויסגעוויזען אלס אן ערפאָלג. פאָן־קלוק האָט געהאַט געגען זיך דעם לינקען פליגעל פון דער פעראייניגטער ארמיי — די ענגלענדער. זעהענדיג פאַר זיך שטענדיג די געפאַהר ארומגערינגעלט צו ווערען פון דייטשען רעכטען פליגעל און ניט זייענדיג בכוח אָבצושטעלען זיין פלאַנקען־בעוועגונג דורך אן ענטשיעדענע שלאַכט — כאָטש פרישע כוחות זיינען צוגעקומען אלץ אין א גרעסערער צאָהל — איז דער לינקער פליגעל פון די פעראייניגטע אָבגעטרעטען אלץ טיעפער און טיעפער צום מיטען פראַנקרייך, מיטציהענדיג מיט זיך די גאַנצע פראַנצויזישע ליניע. די שלאַכטען האָבען אָנגעהאַלטען טאָג און נאַכט.ביידע ארמייען האָבען געקוקט דעם טויט גלייך אין די אויגען אריין. די גענעראַלען פון ביידע ארמייען האָבען ארויסגעוויזען וואונדערבאַרע קענטנים און פערשטענדניס פון די בעוועגונגען פון זייערע געגנער, אָבער די פעראייניגטע ארמיי איז אלץ אָבגעטראָטען, די דייטשע ארמיי האָט מאַרשירט אלץ פאָרווערטס, פערנעהמענדיג איין פראַנצויזישע פּראָווינץ נאָך דער אנדערער. דעם 1טען סעפּטעמבער, א מאָנאַט נאָך דער קריעגס־ערקלעהרונג, זיינען די דייטשען שוין געווען אין קאמפּיען, 2 שטונדען רייזע פון פּאַריז. דעם 2טען סעפּטעמבער האָט די פראַנצויזישע רעגיערונג זיך איבערגעטראָגען אין באָרדאָ. און טרויער איז געווען אין פּאַריז, און פרייד אין בערלין: די גאַנצע וועלט איז געגען דייטשלאַנד, און דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איז איבער אלעס.

(ווייטערע בריעף קומען.)

לעאָן קאָברין

טהיר נומער 4

(פון דער סעריע „טענעמענט־הויז־בילדער“)

.1

א ווײלע שפּעטער איז זי אַרויסגעלאָפען פון דעם פראָנט צימער, מיט געדיכטע שוואַרצע האָאר צוּוואָרפען און צושאָטען איבער די אַקסלען, מיט א פּנים פלאַם־פייער און מיט אויגען אין וועלכע עס איז פערגליווערט געווען דער שטומער צער פון א פערוואונדעטער חיה. זי האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט. די קאָפּטע אויף איהר האָט אין עטליכע פלעצער געהאַט גוואַלד־ריסען, דער רעכטער ארבעל איז אַרונטערגעריסען געווען פון'ם שולטער אין דער גאַנצער לענג פון'ם אַרם אַרונטער און אויף דעם ווייסען לייב, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעהן, זיינען קענטיג געווען פרישע, רויטע צייכענס פון איינגעשצעמטע פינגער. עס איז קענטיג געווען אַז זי האָט זיך פערצווייפעלט געראַנגעלט . . .

מייביל, וועלכע איז געלעגען אויף דער זאָפע מיט א סיגאַרעט אין'ם מויל, האָט זי בעגעגענט מיט א „מזל טוב“ און אַז זי האָט דערזעהן ווי זי, מיסעס דראַבקין, קוקט אויס, האָט זי א געשריי געטהאָן: „אָהאָ!“ — איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דער זאָפע, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד ביים בוזים, געשריען: „אָי, מאָטהער!“—געלאַכט, געדרעהט זיך מיט איהר גאַנצען שלאַנקען, בייגיגען קערפּער און געקלאַפּט מיט די פיס, ווי א קינד, וואָס האָט זיך צושטיעפּט.

מיסעס גוטמאַן האָט אויך אָנגעקוקט מיסעס דראַבקין מיט לאַכעדיגע אויגען, אַרויסגעמורמעלט: „א וועהטאָג איז מיר!“ — א כאַפּ געטהאָן פלינק א שטוהל, פערשטעלט מיט איהם מיסעס דראַבקין דעם וועג און אַרויסגערעדט:

— א גדולה אויף דיר, האָסטו געזעהן? זעץ זיך צו! רוה זיך אביסעל אָפּ!

און מיסעס דראַבקין האָט ניט געפיהלט, מיט וואָס פיר א פערצווייפעלטען האַסט זי האָט א שטויס געטהאָן פון זיך מיסעס גוטמאַן און איהר שטוהל און זי איז מיט אַן אימפּעט צוגעלאָפען צו דער טיהר און זי א ריעס געטהאָן.

אָבער די טיהר איז געווען פערשלאָסען, האָט זי מיסעס דראַבקין נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל א ריעס געטהאָן, נאָך שטאַרקער, נאָך פערצווייפעלטער, און גאָר ניט בעמערקט, אַז אין דער טיהר שטעקט דער שליסעל און זי דאַרף עס נור א דרעה טהאָן. פאַר צומישטקייט האָט זי אויך פערגעסען, אַז עס איז דאָ א צווייטער אַרויסגאַנג דורך דער קיך.

— לאָזט מיך אַרויסגעהן! — האָט זי געוואָלט אויסשרייען, אָבער איהר קול האָט זיך אָנגעשלאָגען און איז פערהאַלטען געוואָרען פון די טרעהרען, וואָס האָבען איהר האַלז געוואָרגען. זי האָט פערדעקט דעם פלאַמענדען פּנים מיט די הענד, אויסגעבויגען זיך אין גאַנצען און אויפגעציטערט מיט די אַקסלען.

— זי שעהמט זיך, א גדולה אויף איהר!

— האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען מיט איהר מוטערליכען און תמימות'דיגען שמייכעל

— נעבאַך נאָך א פריץ . . . זי וועט זיך שוין, מיט גאָט'ס הילף, שפּעטער צוגעוועהנען . . .

מייבעל האָט זיך נאָך העכער צולאַכט:

— איך וועל וועטען! — האָט זי אויסגעשריען לאַכענדיג.

בעני איז אַריינגעקומען מיט א מינע פון א זיעגרייכען העלד, וואָס האָט זיך ערשט צוריקגעקעהרט פון א מלחמה. מייביל האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו איהם, איז צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צו זיין אַקסעל, האָט געלאַכט און אונטערגעטאַנצט.

און דערפיהלט איהם הינטער זיך, האָט מיסעס דראַבקין ווידער גענומען רייסען פערצווייפעלט די טיהר און ווען איהר האַנד האָט זיך אָנגעשטויסען אָן דאָס שליסעל, האָט זי זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז עס שטעקט אין דער טיהר, מיט אַן אימפּעט עס א דרעה געטהאָן, אויפגעעפענט די טיהר מיט אַזא האַסט, דאָס דער שליסעל איז פון דאָרט מיט א קלינגעריי אויף דער ערד אַרונטערגעפאַלען, און זי איז אַרויסגעלאָפען.

פון הינטער דער טיהר נומער 4 האָט זיך געהערט דאָס געוויין פון א קינד. מיסעס דראַבקין האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן: „אָי מיין קינד!“ — זיך א זעץ געטהאָן מיט ביידע הענד אין'ם קאָפּ און איז אַהין אַריינגעלאָפען.

.2

אין דעם צווייטען האַלב־דונקעלען צימער איז אין א וויגעלע, וואָס איז געשטאַנען צווישען א בעט און א קאָמאָדע, געזעסען איהר עופה'לע, א מיידעלע מיט בלאָנדע, געקרויזטע

הערעלאך, האט געדריקטביידע קליינינקע פויסטעלאך צום נעזעל פון ביידע זייטען און רחמנות׳דיג געוויינט.

מיסעס דראבקין האט עס ארויסגעכאפט פון דער וויעגעלע און גערעדט ניט הערענדיג אליין, וואס זי רעדט: א בראך איז צו מיר! א קלאג איז צו מיר! בערגעלע מיינע! פייגעלע מיינע! אי א בראך איז צו מיר! אי א קלאג איז צו מיר! — האט זי איבערגע־חזר׳ט נאך מעהר פערצווייפעלט און שוין געהערט וואס זי רעדט: — גוואלד, וואס איז עס מיט מיר געוועז?! וואס פיר א טומאה, וואס פיר א כשוף —געוואלד! געוואלד! געוואלד!

זי האט גענומען לויפען פון איין צימער אין דעם אנדערן, פון׳ם שלאף־צימער אין עס־צימער און פון דארט אין קיך אריין און צוריק, און הגם איהר קינד, וואס איז הונגעריג געוועז, האט געוויינט ביי איהר אויף די הענד, האט זי איצט נור געהערט דעם פערצווייפעלטען גוואלד פון איהר הארצען, פון איהר נשמה.

צום סוף אבער האט זי זיך דאך געכאפט, אז דאס קינד וויינט, אז עס איז הונגעריג, האט זי אויס געוואהנהייט אבגעשפילעט די קאפטע, וואו א פאאר קנעפלאך האבען יעצט געפעהלט, אום עס אנצוזויגען, און דאן האט זי פלוצים בעמערקט דארט א רויטען צייכען פון יענעם פינגער, און זי האט א שוידער געטהאן, ווי קין׳ס צייכען וואלט זי אויף זיך דארט דערזעהן, און דאס פערשטעלט מיט א פאלע פון איהר קאפטע.

די איינגעבארענע צניעות און פרומקייט, וואס האבען אין איהר די גאנצע צייט אזוי געקעמפפט געגען דעם געפיהל פון דער ערוואכטער ליידענשאפט און וועלכע זיינען אין דעם דאזיגען מאמענט אויסערגעוועהנליך שארף אויפגעוועקט געווען אין איהר, האבען זי ניט דערלאזען צו געבען די דאזיגע ברוסט איהר אונשולדיגען, ריינעם קינד אין׳ם מויל אריין.

זי איז אריין מיט דעם וויינענדיגען קינד אויף די הענד אין קיך, דארט איז אין א אייזבאקס געשטאנען א פענדעלע מילך, האט זי עס ארויסגענומען און ארויפגעשטעלט אויפ׳ן ברענענדיגען אויווען, וואו עס איז אויך געשטאנען א גרויסער קעסעל מיט וועש, וואס זי האט יעדען מאנטאג געוואשען.

אין דער קיך האט זיך געטראגען א שארפער און הייסער גערוך פון פארעדיגע געזייפטע וועש.

דאס קינד האט נאך געוויינט; זי האט עס גענומען איינשטילען, געשאקעלט עס אויף די הענד און אויס געוואהנהייט געזונגען צו איהר, יעצט מיט טרעהרען אין׳ם קול.

ווען דאס מילך אין׳ם פענדעלע איז הייס געווארען, האט זי עס אריינגעגאסען אין א פלעשעל און געגעבען דעם קינד. עס האט זיך מיט א טיעפען זיפץ צו דעם צוגעכאפט.

דערנאך האט זי זיך מיט׳ן קינד אויף די הענד געזעצט אין׳ם עס־צימער אויף א שטוהל אין א ווינקעלע און פיהלענדיג א גוואלדיגע בעדירפניש אויסצוגיסען איהר פערצווייפלונג פאר א לעבעדיגען נפש, האט זי צום קינד גענומען ריידען, וועלכעס האט מיט ביידע הענטעלאך געשטופט דאס פלעשעל אין מויל אריין:

— מיין טהייער קינד... אי האט מיך אן אונגליק געטראפען, כאטש געה און בעגראב זיך לעבעדיגערהייט... ווען דיין פרומע באבע, דיר צו לאנגע יאהר, וואלט עס געוואוסט... ווען דיין פרומער זיידע, דיר צו לאנגע יאהר, וואלט עס געוואוסט... גוואלד, זיי וואלטען זיך גיכער געריכט אויף מיר א מיתה משונה! איך אליין וואלט גיכער א מיתה משונה אויף זיך געריכט!... א פרומע פרוי! א טאטע־מאמע׳ס פרומע טאכטער! פון אזא פרומע משפחה! אט האסטו דיר! א מצוה אויף מיר, א מצוה! האב איך זיך ניט געזאלט שפיעלען מיט פייער! האב איך ניט געזאלט קריכען, וואו מען דארף ניט! האב איך ניט געזאלט ביי זיי נעהמען אזא טריפה׳נע געלד, געדארפט גלייך זאגען... גלייך זאגען...

זי איז אנשוויגען געווארען, האט זיך פלוצים דערמאהנט אן די פינף דאלאר, וואס זי האט פריהער בעקומען פון מיסעס גוטמאן, דאס „טריפה׳נע געלד“, און זי האט עס מיט א רציחה א ריס געטהאן פון איהר קעשענע ארויס, געוואלט עס אפריהער צורייסען, אבער פלוצים זיינען איהרע שמערצפולע אויגען שטעהן געבליבען אויף א צדקה־פושקע, וואס איז צוגעשלאגען געווען אויף דער פריטעלקע פון דער טיהר אנטקעגען, אויף רבי מאיר בעל הנס צדקה־פושקע.

זי האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, אריינגעלעגט דאס קינד אין וויעג און איז דערנאך צוגעגאנגען צו דער צדקה־פושקע.

זי האט אויפגעהויבען איהרע ביידע הענד צום באלקען, געקוקט ארויף מיט אויגען, פול עקסטאז, און ארויסגעפליסטערט:

— רבונו של עולם, דו ווייסט דאך אוודאי, דו זעהסט דאך, וואס עס טהוט זיך ביי מיר אין׳ס הארצען! איך בין שולדיג, אוודאי בין שולדיג. געדארפט אנטלויפען פון זיי, ווען איז מיר, און איך בין ניט אנטלאפען! געזינדיגט מיט די מחשבות, א וועהטאג איז צו מיר, א אשת איש! אבער דאס, גאטוניו, האב איך דאך ניט געוואלט... ווי א באם איז ער דאך מיך בעפאלען, מעהר צו ראנגלען זיך האב איך קיין כוח ניט געהאט!

זי האט זיך מיט גרויס צער צו־וויינט:

— גאטעניו, מעהר ניט! זאל איך מיין קינד אזוי אויפהאדעווען! אט פון די פינף דאלאר וויל איך אויך ניט הנאה האבען, זאלען עהרליכע אידען פון זיי הנאה האבען, צוליעב דיין נאמען וועגען! און יענע פינף דאלארדיגע

וועלען מיר דאָך איצט אויך באַקאָם ארוים! זיי מיר מוחל גאָטוניו, זיי מיר מוחל! — האָט זי ליידענשאַפטליך זיך צויאַמערט און אריינגעשפּאַרט דעם פינף־דאָלארדיגען אין דעם שפּאַלט פון דער צדקה־פּושקע.

3.

אין א ווײַלע ארום האָט זי אָנגעטאָן אַנדער קאָפּטע און האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט נעבען וויעגעלע אין דעם האַלב־דונקעלען שלאָף־צימער. איצט איז זי מיט אמאָל פון דעם פריהערדיגען שאַרף־אויפגערעגטען צושטאַנד אריבער אין א צושטאַנד פון הילפלאָזיגקייט און צוטומעלטקייט.

זי איז געזעסען, ווי א דער־הרג'עטע, מיט א צוטומעלטען אויסדרוק אין די אויגען און האָט פון צייט צו צייט אויפגעציטערט.

זי האָט יעצט אין איהרע געדאנקען ניט ווילענדיג דורכגעלעבט דעם קאַמפּף, די הילפלאָזיגקייט און די שרעק און צוטומעלטקייט, וואָס זי האָט פריהער דאָרט הינטער דער טיהר נומער דריי דורכגעלעבט. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז זי פיהלט נאָך זיינע שטאַרקע אָרמס ארום איהר קערפּער, זיין הייסען אָטהעם אויף איהר פּנים, זעהט נאָך זיינע פייערדיגע אויגען נאָהענט פאר זיך און הערט נאָך זיינע ווילדע ווערטער, און זי האָט זיך געפיהלט אזוי הילפלאָז געגען דעם, אזוי הילפלאָז...

— גאָט מיינער, גאָט מיינער, וואָס פיר אַן אונגליק, וואָס פיר אַן אונגליק! — האָט זי געקרעכצט.

זי האָט געפיהלט, אז ווען ער זאָל איצט ווידער קומען, וועט זי איצט נאָך וועניגער כוחות האָבען, צו ראנגלען זיך געגען איהם ווי פריהער...

זי וועט משוגע ווערען, זי וועט פון'ם זינען אראָב. זי וועט זיך א מיתה אָנטאָן. זי וועט זיך אויך ארונטערוואַרפען ווי די רויטע ברכה! גוואַלד, ווי קען זי נאָך איצט טראַכטען וועגען איהם, איצט, ווען זי האָט זיך ערשט מיט איהר קינד געשוואָרען, ווען זי האָט ערשט אזוי תשובה געטהאָן!

גוואַלד, מען האָט איהר סיידען עפּעס אונטערגעטהאָן, א כשוף, א קליפּה, זי איז געקוילעט, אָהן א מעסער געקוילעט!...

און זי האָט זיך בעמיהט ארויסצורופען אין איהרע געדאנקען די אלע העסליכע מענער, די אַלטע און פערקריפּעלטע, וואָס זי האָט געזעהן אהין קומען, געוואָלט מיט דעם זיך אָנשרעקען, אָבער ער האָט זיי אלעמען מיט זיך פערשטעלט, ער, בעני, מיט זיין יונגען, שלאַנקען קערפּער; נור איהם האָט זי געזעהן, נור איהם אליין האָט זי געקענט זעהן!...

גוואַלד, ווען איהר מאַן וואָלט געווען אַנדערער!... אָדער וואָלט ער איהר כאָטש דעם קאָפּ צושפּאָלטען, אויף טויט דער־הרג'עט, צוליעב איהם, צוליעב זייער קינד און צוליעב איהר אליין!...

זי האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט און איינגעשצעמעט די צייהן אין די קישען.

4.

אין דעם גרויסען טענעמענט־הויז איז איצט געווען שטיל, ווי עס קען נור זיין שטיל אין אזא טענעמענט־הויז. דאָ און דאָרט האָט א טיהר א קלאַפּ געטהאָן. אויף די טרעפּ איז עמיצער ארויף, פון די טרעפּ איז עמיצער געגאַנגען, אָבער דער געוועהנליכער ליאַרם, דער געוועהנליכער געפּילדער, וואָס עס טראָגט זיך דאָרט אין אַנאַנדער צייט, איז איצט דאָרט ניט געווען.

פלוצים האָט אויפ'ן פינפטען שטאָק א גראַמאָפאָן גענומען שפּיעלען. א אידישער חזן האָט מיט משוררים „כל נדרי" געזונגען. און הערליך און הייליג, און הארציג האָבען די שטימען זיך פון אויבען געטראָגען, ווי פון הימעל ארונטער וואָלטען זיי זיך מיט הארציגען געבעט געגאָסען.

מיסעס דראַבקין האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן און זיך אויפ'ן בעט אויפגעזעצט. זי האָט זיך איינגעהערט. און די דאָזיגע בעקאַנטע טענער האָבען א ווייהע געטהאָן אויף איהר מיט דער היים, מיט דער ערנסטער, מורא'דיגער יום כיפּור'דיגער שטימונג פון איהר שטעדטעל, און פאר איהר האָבען אויפגעלעבט די אלע בעקאַנטע פרומע אידען פון איהר שטעדטעל אין ווייסע קיטלען און איהר טאַטע אין ווייסען און איהר מאַמע אין ווייסען, און זיי אלע שטעהען אין שוהל, וואו וועקסענע יום כיפּור־ליכט ברענען, און שאָקלען זיך, און וויינען, און שלאָגען זיך אין הארצען, בעת די דאָזיגע בעקאַנטע טענער פון דעם חזן און זיינע משוררים טראָגען זיך איבער זיי אלעמען...

און דאָ האָט זי זיך מיט אמאָל דערמאָהנט, אז אין א חודש ארום איז ראש השנה.

— גאָטוניו, ראַטעווע מיך!.. האָט זי ארויסגעפּליסטערט, א קלאַפּ געטהאָן זיך אין'ם הארצען און זיך צונויפגעקאָרטשעט. און פון אויבען האָבען זיך נאָך געגאָסען די פייערליכע טענער פון „כל נדרי".

הינטער דער טיהר אין דעם האַלב־דונקעלען צימער איז געהאַנגען א ווייס אונטער־קלייד. און מיט אמאָל האָט זיך מיסעס דראַבקין אויסגעוויזען, אז דאָס הענגט ניט איהר אונטערקלייד, נור איהר מאַמע שטעהט דאָרט אין ווייסע תכריכים, קוקט אויף איהר מיט שרעקליכע אויגען און פליסטערט צו איהר עפּעס, פליסטערט. זי איז אויפגעטרויסעלט געוואָרען און האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ. אָבער דאָס פליסטערן האָט זיך נאָך געטראָגען. זי האָט עס קלאָר געהערט, פון ערגעץ הינטער דער טיהר האָט זיך עס געטראָגען, פון'ם צווייטען צימער, צו

פון דער קיך, צו גאָר פון אונטער׳ן בעט. עס האָט זי גענומען ווארפען אין קעלט און אין היטץ.

דער גראמאפאָן איז אנטשוויגען געוואָרען; און דאָס פליסטערען האָט זיך נאָך אַלץ גע־הערט. איהר האָט זיך אויסגעוויזען אז זי הערט איהר נאָמען ארויסגעפליסטערט.

ציטערענדיג, איז זי פון׳ם בעט ארונטער, צוגעגאנגען צום אונטער־קלייד און האָט עס ארונטערגעריסען פון דער וואנד. אָבער דאָס פליסטערען האָט ניט אויפגעהערט.

פלוצים האָט זי דערזעהן אין דעם אַנדע־רען צימער בעני׳ן: ער האָט דאָס צו איהר גע־פליסטערט, געפרעגט, אויב זי איז אליין און זי גערופען. זי האָט מיט שרעק א געשריי געטהאָן און זיך צוגעדריקט צו דער וואנד, די אויגען אויף איהם אויסגעגלאָצט.

ער האָט זי ארויסגעשלעפט פון איהר שלאָף־צימער, געשמייכעלט צו איהר און גע־רעדט:

— קום, וועסט אָנקוקען, וואָס פיר א קלייד איך האָב געבראַכט פיר דיר! קום, איך האָב דאָך דיך אזוי ליעב, דארלינג, און באלד קומט דאָך מסתמא דיין מאָנקי פון פעדלען, קום דאר־לינג!

און ער האָט זי א כאַפּ געטהאָן אין זיינע שטאַרקע ארמס.

זי האָט זיך געריסען פון איהם, געכאַפּט בייסען זיין האנד און ארויסגעלאָזט דערביי אזוינע פערשטיקטע ווילדע קלאנגען, ווי א פערוואונדעטע חיה. ער האָט א געשריי געטהאָן, איינגעלאָזען זי, א הויב געטהאָן די האנד אי־בער איהר, אזוי ווי ער וואָלט זי שלאָגען גע־וואָלט, האָט אָבער גלייך זי ארונטערגעלאָזט און זיך צולאכט. זי איז אריינגעלאָפען אין קיך, ער נאָך איהר.

— וואָס אנטלויפסטו? איך וועל דאָך דיך כאַפּען! — האָט ער געזאָגט — און ביי מיר איז אזוי: האָט מען מיך איינמאָל געקושט, וועט מען מיך א צווייטען און א דריטען און א הונדערטען מאָל קושען!

— עס איז א ליגען — האָט זי אויסגע־שריען — איך האָב אייך קיינמאָל ניט געקושט, באָם!

און זי האָט זיך אוועקגערוקט פון איהם נעהענטער צום אויווען, ער צו איהר לאבענדיג.

— איך וועל זיך פון׳ם פענסטער ארויס־ווארפען — האָט זי געזאָגט.

— עט! — האָט ער געענטפערט.

— איך וועל זיך א מיתה אָנטהאָן...

— עט!

— איך וועל אויפהויבען א גוואלד און דערצעהלען אַלעמען, ווער איהר זייט!..

— עט...

— באָם, ארויס פון דאנען!

— עט!

און ער האָט זי א שלעפּ געטהאָן צו זיך.

און פלוצים, וואו האָט זי די כוחות גענו־מען, האָט זי איהם אזא שטויס געגעבען פון זיך, דאָס ער האָט מיט׳ן קאָפּ שיער די וואנד ניט דורכגעזעצט און איידער ער איז צו זיך געקומען, האָט זי א כאַפּ געטהאָן דעם שווערען קאָכעדיגען קעסעל וועש און אויף איהם איבער־געקעהרט. ער האָט א געשריי געטהאָן, געפאַ־לען אויף ד׳רערד, געדרעהט זיך און געקאַר־טשעט זיך ווי א שלאנג און געשריען מיט אומה׳דיגע קולות. זי האָט אויך גענומען שריי־ען און דאָס קינד אין דער וויעג האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט און געשריען.

און איבער דעם דאָזיגען געשריי האָט זיך א פּארע געטראָגען, ווי אין א באָד, פון דעם אויסגעקעהרטען קאָכעדיגען קעסעל.

באלד זיינען אריינגעלאָפען מענער און פרויען, און קינדער, אי שכנים פון דעם הויז, אי מענשען פון דער גאס, און מיסעס גוטמאַן און מייביל זיינען אויך אריינגעלאָפען.

— בעני! — האָט מיסעס גוטמאן א גע־שריי געטהאָן.

מייביל האָט גענומען וויינען אויפ׳ן קול און איז ארויסגעלאָפען.

— אַן אמבולאַנס! א פּאָליסמאַן! — האָט עמיצער אויסגעשריען.

עטליכע מענשען זיינען ארויסגעלאָפען.

פלוצים האָט זיך אין דעם ארומיגען ליארם דערהערט מיסעס דראבקין׳ס פערצוויי־פעלטער, כמעט היסטערישער יאָמער:

— אידישע קינדער, אידישע טעכטער! זייט וויסען... אָט די מיסעס גוטמאנקע־גנב... אָט זי... אָט די גאָט׳ס גנב... אָט זי... האָט א הייזעל דאָ אין׳ם הויז... פערפיהרט... מאכט אונגליקליך אידישע עהרליכע טעכטער... אָט דער באָם, וואָס פגר׳ט דאָרט, איז געווען איהר פּארטנער... צוליעב איהם האָט די רויטע ברכה זיך אויך ארונטערגעוואָרפען פון׳ם הויז... ער האָט זי פעראונגליקט.... מיך איז ער אויך יעצט בעפאלען: געבעטען זיך ביי איהם ווי ביי א גזלן: „לאָזט מיך אָפּ“, ביז איך האָב אויף איהם איבערגעקעהרט דעם קעסעל וועש!..

זי האָט מעהר ניט געקענט ריידען, דער אטהעם האָט איהר פערכאַפּט, און זי האָט זיך צויאַמערט מיט ווילדע קולות אָהן ווערטער, ווי א חיה, וואָס איז אויף טויט פערוואונדעט גע־וואָרען.

עס האָט זיך אויפגעהויבען א גוואלדיגער ליארם. מיסעס גוטמאן האָט זיך א צוטומעל־טע ארויסגערוקט פון דער טיהר.

א פּאָליסמאַן איז געקומען, דערנאָך אַן אמבולאַנס.

און שפּעטער א ווייַלע האָט מען אויף א טראָגער ארויסגעטראָגען בעני׳ן, אָדער ריכטיגער

א בארג וואטע, ווי א קבר, וואָס האָט ארויסגע־לאָזט שוואכע קרעכצען. מען האָט דעם בארג וואטע אין אמבולאנס אריינגעשטופּט. פאר'ן הויז איז שווארץ געווען פון מענשען. פון דער טיהר נומער דריי האָבען צוויי דעטעקטיווס ארויסגעפיהרט מיסעס גוטמאן און מייביל'ן, וועלכע דער עולם אין דרויסען, וואָס האָט שוין געוואוסט, ווער זיי זיינען, האָט בעגעגענט מיט א הוזשען און קוויטשערייען. דערנאָך איז פון דער טיהר נומער פיער מיסעס דראבקין ארויס־געקומען מיט א פּאָליסמאַן, א שכנה האָט איהר נאָכגעטראָגען איהר קינד.

זיי זיינען אוועק. די גאס האָט נאָך גע־שריען און געקוויטשעט.

(ענדע פון דעם ערשטען שטאָק).

18טען אָקטאָבער, 1914.
ברוקלין, נ. י.

דר. מ. נאחימסאָן

די לאַגע אין דייטשלאַנד

(א בריעף פון לייפּציג).

איך וועל מוזען געבען א קורצען איבער־בליק איבער די געשעהעניסען, וואָס זיינען דעם וועלט־קריעג פאָראויסגעגאנגען, איהר זאָלט פערשטעהן די שטימונג וואָס הערשט איצט אין דייטשלאַנד.

דעם וועלט־קריעג האָבען פיעלע פאָראויס־געזאָגט, אנדערע האָבען איהם געהאלטען פאר אונמעגליך, אלע האָבען פאר איהם מורא געהאט, זעהר ווייניגע האָבען געווארט, אז ער זאָל אויס־ברעכען געראד איצט, כאָטש די פּאָליטישע אטמאספערע זייט 1911 איז זעהר שטיקענד געווען.

די פּאָליטישע פערהעלטניסע צווישען די מלוכות האָבען דורכגעמאכט פאר'ן לעצטען יאָהר־צעהנדליג אן ענדערונג. די געשעהעניסען זיינען מעהר אָדער ווייניגער בעקאנט. נאָך רוס־לאנד'ס מפּלה אין דער מלחמה מיט יאפּאַן האָט פראנקרייך זיך געזוכט צו שטיצען אויף ענגלאנד. מען איז צורעכט געקומען צווישען זיך וועגען אפריקא — עגיפּטען און סודאן פאר ענג־לאנד, מאראָקאָ פאר פראנקרייך. דייטשלאַנד האָט ניט געוואָלט ארויס מיט ליידיגע הענד פון דער חלוקה; עס האָבען זיך אָנגעהויבען זעהר געפעהרליכע אונטערהאנדלונגען מיט פראנקרייך און ס'האָט שוין געהאלטען דאמאָלס ביי א וועלט־קריעג, ווי מען האָט זיך שפּע־טער דערוואוסט, ווען ניט ענגלאנד, וואָס האָט פראנקרייך זעהר ענערגיש אונטערשטיצט. דייטשלאַנד האָט געפאָדערט זיד־מאראָקאָ און בעקומען האָט עס נור א טהייל קאנגאָ.

די שטימונג געגען ענגלאנד איז געוואָרען זעהר שטארק, אָבער די אָפּיציעלע פיהרער פון דער דייטשער פּאָליטיק האָבען אָנגעהויבען פערהאנדלען מיט ענגלאנד, כדי צו קומען צו אן איינפערשטענדניס. די פערהאנדלונגען זיינען אָנגעגאנגען גאנץ פריינדליך און די פּאַפּיערען וועגען אן אָבמאַך זיינען שוין געווען פאַרטיג, זיי האָבען נור געדארפט אונטערשריעבען ווערען פון ביידע צדדים (אזוי זאָגט עדות א גרויס־דייטשער פּאָליטיקער און א ביטערער פיינד פון ענגלאנד, פּאול ראהרבאך), ווען פּלוצלינג איז אויסגעבראָכען די מלחמה...

פערקעהרט, די בעציהונגען צווישען דייטשלאַנד און רוסלאנד האָבען זיך אלץ מעהר פערשארפט. ווען אין 1908 האָט עסטרייך־אונ־גארן אנעקסירט באסניען און הערצאָגאָווינא, האָט רוסלאנד פּראָטעסטירט, אָבער אזוי ווי דייטשלאַנד האָט געגעבען צו וויסען, אז עס וועט עסטרייך ניט פערלאָזען, האָט רוסלאנד זיך בערוהיגט און סערביען האָט זיך געמוזט ענט־שולדיגען און פערשפּרעכען פריינדשאפט. רוס־לאנד האָט אויס נקמה געזוכט צו שאפען א באלקאנישען בונד, וועלכער ווי מיר ווייסען איז צו גרונד געגאנגען אין דער צווייטער באלקאני־שער מלחמה. האָט רוסלאנד געזוכט צו בע־נייען דעם בונד מיט רומעניען און דירעקט שוין געגען עסטרייך־אונגארן. מען האָט גענומען רייד־דען אין רוסלאנד הויך אויפ'ן קול: אז דער וועג צו קאנסטאנטינאָפּאָל ליעגט דורך בערלין און וויען. עראָבערן קאָנסטאנטינאָפּאָל איז אן אלטער חלום פון די רוסישע גרויס־פּאָליטיקער.

עס זיינען אונטערגעקומען נאָך האנדעלס־

פּאָליטישע רייבונגען. רוסלאַנד האָט פּלוצלונג איינגעפיהרט אן אבצאָהל אויף דייטשע קאָרן. אין 1916 לויפט אוים דער אלטער רוסיש־דייטשער האנדעלס־אָבמאַך. האָט זיך אין דער פּרעסע פון ביידע לענדער אָנגעהויבען א שארפע פּאלעמיק, וואָס האָט נאָך פערערגערט די בעציהונגען. ווילהעלם האָט ארויסבעקומען פון רייכסטאג א געוואלטיגען מיליטערישען קרעדיט און האָט דירעקט אָנגעוויזען אויף די סלאווישע געפאהר. דער רוסישער קריעגס־מיניסטער סוכאמלינאָוו פון זיין זייט האָט העזה׳דיג זיך בעריהמט אז רוסלאנד איז גרייט צו קריעג.

און מערקווירדיג, דיזעלבע דייטשע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען מיט א פּאָאר יאָהר צוריק צו נישט געמאכט רוסלאנד׳ס עקאָנאָמישע און מיליטערישע מאכט, האָבען איצט גענומען דערצעהלען וואונדער וועגען דעם בענייטען רוסלאנד. און דערמיט האָבען זיי נאָך געשטאַרקט דעם מוטה פון דער רוסישער מיליטערישער קליקע.

אין מיטען דערינען האָט געפּלאַצט דער שאָס אין סאראַיעוואָ. די געשיכטע וועט פעסטשטעלען אויב די סערבישע רעגיערונג האָט געהאט א האנד אין דעם. דער ווייס־בוך, וואָס איז פאָרגעלעזען געוואָרען אין רייכסטאג, מאכט דיעזע בעהויפּטונג אויפ׳ן גרונד פון עסטרייכישע מיטטהיילונגען. דאָך האָט קיינער ניט געגלויבט, מיט א פּאָר טעג, איידער דער קריעג האָט אויסגעבראָכען, אז א קריעג איז מעגליך. מען האָט זיך גיכער גערעכט, אז עסטרייך וועט זיך צופריעדען שטעלען מיט פיעל ווייניגער, וויפיעל זי האָט פערלאנגט. די „פּראנקפורטער צייטונג" (א פיהרענדער ליבעראלער אָרגאַן) האָט דעם דריטען יולי געשריעבען: „מיר לעבען שוין ניט אין דער העלדען־פּעריאָדע, ווען אזא פאל האָט געקענט פיהרען צו קריעג.

די וואָס האָבען אזוי געגלויבט, האָבען פערזעהן די פּאָליטישע לאגע אין גרויסען גאנצען. דעם אטענטאט אויפ׳ן קרוין־פּרינץ האָט עסטרייך בעטראכט אלס אן אטענטאַט אויף איהר עקזיסטענץ. עס איז געווען אן אויסדרוק פון די גרויס־סערבישע פּלענער. דייטשלאנד איז מיט איהר מסכים געווען.

רוסלאנד וויעדער האָט געשטיצט סערביען, וועלכע האָט אָבגעוואָרפען עסטרייכ׳ס פאָדערונג, אז איהרע בעאמטע זאָלען בעוואכען די אנטי־עסטרייכישע בעוועגונג אין סערביען. פאר רוסלאנד אויפגעבען סערביען וואָלט בעדייטעט אָנווערען דעם גאנצען פּרעסטיזש אויף די באלקאנען. אוים סערבין, וואָלט געהייסען אוים באלקאנען פאר רוסלאנד.

דער ערשטער ענגלישער פּאָרשלאג פון א קאָנפערענץ פון די מלוכות האָט זיך אָנגעשטויסען אויפ׳ן וויעדערשטאַנד פון עסטרייך, דער צווייטער אז עסטרייך׳ס מיליטער זאָל בעזעצען בעלגראד, אלס ערבות, איז משמעות ניט געפעלען געוואָרען רוסלאנד. דערווייל וואָס ווען האָט רוסלאנד זיך גענומען מאָביליזירען און גלייכצייטיג פערזיכערט, אז מאָביליזירונג מיינט פריעדען... דייטשלאַנד האָט ערקלעהרט קריעג.

די געשיכטע וויעדערהאָלט זיך ניט, ווי איהר זעהט. אין 1908 האָט רוסלאנד נאָכגעגעבען אונטער דעם דרוק פון דייטשלאַנד. אין עסטרייך האָט מען וואהרשיינליך געגלויבט, אז דאָס מאָל וועט אויך אזוי זיין. אז ניט וואָלט עסטרייך אזוי ווייט ניט געגאנגען. די רוסישע מאכט־האָבער האָבען וואהרשיינליך מורא געהאט, אז א צווייטען מאָל נאָכגעבען וואָלט געשטעלט אין סכנה דעם אבסאלוטיזם... און אויך איז מעגליך, אז פונקט ווי אין 1904 האָט מען געזוכט א מלחמה אום צו רעטען זיך פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וועלכע האַלט אין אויפשטייגען...

דאָס אלץ מוז מען האָבען אין זינען, ווען מען וויל פערשטעהן וואָס טהוט זיך דאָ, אין דייטשלאַנד; צוערשט, האָט מען זיך פערהאַלטען צו עסטרייך׳ס האנדלונג בנוגע סערביען סקעפּטיש. די „פּראנקפורטער צייטונג" איז ארוים געגען עסטרייך. דאָס זעלבע אויך די פּרעסע פון די אונטערנעהמער — די „רהייניש־וועסטפאלישע צייטונג" און די „פּאָסט". די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט גערופען פּראָטעסט־פערזאמלונגען. געגען אן אויפרוף פון פּארטיי־פארשטאנד האָט די רעגיערונג אויפגעהויבען א קלאגע. אָבער ווי נור עס איז ערקלעהרט געוואָרען קריעגס־צושטאַנד, האָט זיך אַלץ געביטען. שוין אָבגערעדט פון די בורזשואזע פּארטייען, זיינען אפילו סאָציאל־דעמאָקראטישע פיהרער פרייוויליג געגאנגען אין קריעג. די סאָציאל־דעמאָקראטישע פּרעסע האָט מיט איהר האלטונג פערדיענט אפילו א לויב פון דער רעגיערונג.

דאָס ערקלעהרט זיך נאָר מיט דער מורא פאר א רוסישען איבערפאל. ווי געזאָגט, האָט די בירגערליכע פּרעסע שטאַרק פאנאנדערגעשריען די לעצטע צייט רוסלאנד׳ס ווירטהשאפטליכע און מיליטערישע רעאָרגאניזירונג. רוסלאנד שרעקט. מען האָט שטענדיג אין אויג רוסלאנד׳ס געוואלטיגען שטח און די צאָהלרייכע בעפעלקערונג. אין דער מלחמה אויפ׳ן ווייטען מזרח האָט זיך אפילו ארויסגעשטעלט רוסלאנד׳ס שוואכקייט, אָבער פאר די צעהן יאָהר איז רוסלאנד וויעדער שטאַרק געוואָרען, האָבען פערזיכערט די פּאָליטיקער. דערפאר ווען רוסלאנד האָט זיך גענומען מאָביליזירען, איז געוואָרען א בהלה אי דייטשלאַנד. די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט געהאנדעלט אין גוטען גלויי־

בען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען פערטהיידיגען דאָס פאַטערלאַנד געגען באַרבאַרען.

און יעצט שטעהט די דייטשע אַרמעע ווייט אין פראַנקרייך. דער רוסישער איבערפאַל איז אָבגעשלאָגען געוואָרען. רוסלאַנד האָט פערלאָרען 100 טויזענד געפאַנגענע און 3,000 האַרמאַטען. דער קריעג וועט פון איצט אָן געפיהרט ווערען אויפ'ן רוסישען באָדען. דערמיט איז ווידער בעוויעזען געוואָרען אַז רוסלאַנד איז ניט פעהיג צו פיהרען קריעג מיט אַ מאָדערנער מלוכה, דאָס איז פאַר אַ קענער פון די פערהעלטניסע אין רוסלאַנד קיין סוד ניט געווען, אַנשטאַט וואָס מען האָט פריהער געציטערט, קוקט מען יעצט אויף רוסלאַנד פון אויבען אַראָפּ. אַביסעל זאָרג מאַכט נור, וואָס רוסלאַנד איז גרויס און קאַלט.

אויף רוסלאַנד'ס גרויס און קאַלטע ווינטערן לעגט אויך פיעל האָפנונג ענגלאַנד. ענגלאַנד האָט זיך פערזאָרגט מיט אַן אָבמאַך, אַז קיין איינצעל־פריעדען זאָל ניט געשלאָסען ווערען, כדי די מלחמה וואָס לענגער צו פערציהען. וועט אָבער פראַנקרייך'ס מיליטערישע און רוסלאַנד'ס פינאַנציעלע מאַכט אויסהאַלטען? דאָס בלייבט צו זעהן.

דערווייל פיהרט אָן ענגלאַנד אַ העפטיגען האַנדעלס־קריעג געגען דייטשלאַנד. אָן ענגלענדער איז פערבאָטען צו האָבען וועלכע עס איז געשעפטס־פערבינדונגען מיט דייטשען. דייטשע האַנדעלס־שיפען טאָרען זיך ניט ווייזען אין אָפענעם ים, און שיפען פון נייטראַלע לענדער טאָרען ניט ברייגגען קיין פראָוויאַנט קיין דייטשלאַנד.

דאָך דער אויסגאַנג פון דער מלחמה וועט פון דעם ניט אָבהענגען. דייטשלאַנד איז פערזאָרגט מיט לעבענס־מיטלען אויף אַ גאַנץ יאָהר. דייטשלאַנד קען אויך ברענגען לעבענס־מיטלען פון דענעמאַרק, שוועדען, נאָרוועגיען, שווייץ, רומעניען, איטאַליען. דער האַנדעל מיט די פיינדליכע מלוכות מאַכט טאַקע אויס אַ העלפט פון דייטשען אויסלענדישען האַנדעל, אָבער אָברופען זיך אויף די דייטשע מיליטערישע ערפאָלגען וועט דאָס ניט.

פינאַנציעל איז דייטשלאַנד געווען צוגעגרייט. אַ געלד־קריזיס איז אויסגעמידען געוואָרען. אויפ'ן שטעל איז געשאַפען געוואָרען אַ נייע קרעדיט־סיסטעם, און די באַנקען זיינען געשטאַרקט געוואָרען. מען זוכט מיטלען אויפצוהאַלטען די פּראָדוקציאָן ווי ווייט מעגליך, צו שטיצען די אַרבייטסלאָזע. דער וואונדערבאַרער אָרגאַניזאַציאָנס־טאַלענט פון די דייטשען האָט זיך אויך איצט אַרויסגעוויזען אין זיין פולער קראַפט — מען האָט זיך שנעל צוגעפאַסט צו דער נייער סיטואַציאָן. דייטשלאַנד קאָן וויינינגסטענס אַ יאָהר אָנהאַלטען די קריעג און ניט אָבגעשוואַכט ווערען, און אַ לענגערער קריעג וועט דייטשלאַנד אויך ניט צווינגען צו אַ שלעכטען פריעדען.

וואָס זאָל דערפון ווערען? — פרעגט זיך יעדערער. „עס גיט איבערהויפט נור איין מיטעל צו מאַכען אַ וועג פאַר דער דייטשער צוקונפט — ענטפערט דער פריהער דערמאָהנטער ראָהרבאַך — און דאָס מיטעל איז: אַ זיעג איבער ענגלאַנד". דאָס איז די אַלגעמיינע שטימונג. דער צאָרן געגען ענגלאַנד וואַקסט וואָס פון טאָג. אויך די געלעהרטע האָבען זיך אָנגעשטעקט מיט דעם געפיהל — זיי זאָגען זיך אָב פון זייערע ענגלישע טיטולען.

ווי קען אָבער דייטשלאַנד ענגלאַנד בייקומען? איך בין ניט קיין מיליטערישער פאַכמאַן און איך דיינק, אַז די הויפט־האָפנונג לייגט מען אויף אַן אויפשטאַנד אין עגיפּטען און אינדיען. קיין גרויסע קריעגס־בעגייסטערונג מערקט זיך ניט, אָבער די שטימונג איז אַ פעסטע. מען קוקט רוהיג און ענטשלאָסען דער צוקונפט אַנטקעגען.

די שאָוויניסטען טראָגען זיך אַרום מיט ברייטע עראָבערונגס־פּלענער, זיי פאָדערען די אַנעקסירונג פון אַ טייל פון בעלגיען און פון דער פראַנצויזישער פּראָווינץ בריע, און נאַטירליך — פוילען, די באַלטישע פּראָווינצען און די קאָלאָניען. ווי די מעסיגע דענקען, איז צו זעהן פון אַ פּאָרטראַג, וואָס דער בעקאַנטער פּסיכאָלאָג וואונדט האָט ניט לאַנג צוריק געהאַלטען. פראַנקרייך ניט בערויבען, פון ענגלאַנד קאָלאָניען נעהמען, פוילען אָוועקגעבען עסטרייך, די דייטשע באַלטען ווידער בעהעפטען אָן זייער מוטערלאַנד און צו בעווייזען דער וועלט, אַז מען מיינט נור דער מענשהייט'ס טובה — געבען אויטאָנאָמיע פינלאַנד.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען יעדע אַנעקסיאָן. די אַלגעמיינע שטימונג אָבער איז פאַר אַ „קאָרעקטור אין דער קאַרטע פון אייראָפּאַ". די פיהרענדע קרייזען שווייגען און גיבען ניט אַרויס זייערע כונות. עס איז אָפּילו פערבאָטען צו דיסקוטירען אין דער פּרעסע, צי ליעזש זאָל ווערען טובה — געבען אויטאָנאָמיע פינלאַנד.

שלום אַש

דער וועג צו זיך:

ראָמאַן.

קאַפּיטעל 29.

דאָס קראַנקע קינד.

פון די קינדער איז געווען איינס, וועלכעס האָט ראַהעל'ן מעהר צוגעצויגען, ווי אַנדערע. עס איז געווען א זיעבען־יעהריג מיידעל, א קראַנקס, וואָס איז מיט דער מוטער אַראָפּגעפאָהרען צו זייער פּאָטער קיין אַמעריקאַ. די מוטער האָט עס אָבער פערלאָרען אויפ'ן וועג. פערהאַלטען ביי דער גרענעץ עפּעס איבער א קראַנקהייט, וואָס מען וואָלט צוליעב דעם איהר נישט אַריינגעלאָזט אין אַמעריקאַ, איז די מוטער איבערגעבליבען אין איינעם פון די האָספּיטאלס פון א אידישער חברה. דאָס קינד אָבער האָט א אידישע משפּחה, וואָס איז געווען פון דער זעלבער שטאָדט, מיטגענומען. געזאָגט, אַז עס איז זייער קינד, אום זיי זאָלען עס איהר פּאָטער אָבגעבען אין ניו יאָרק. זעהר שווער איז געווען צוטרענען דאָס קינד פון דער מוטער, און די מוטער האָט עס אליין געלערנט ווי אַזוי עס זאָל פערלייקענען זיינע עלטערן, אַז מען וועט עס פרעגען ווי עס הייסט, און אָנרופען עלטערן די, וועלכע האָבען עס מיטגענומען. דאָס קינד איז געווען נאָך אַזוי קליין, אַז עס האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, און צו וואָס מען טהוט דאָס אַלעס. האָט עס זיך געוועהרט און נישט געוואָלט מיטפאָהרען מיט די פרעמדע עלטערן. מען האָט דאָס קינד מיט געוואַלד פון דער מוטער אַוועקגענומען און געהאַלטען עס אין מורא ביז עס האָט זיך צוגעוואוינט צו די פרעמדע עלטערן. דאָס קינד איז געזעסען נידערגעשלאָגען, איינס אַליין אין דעם גרויסען צימער אין האָטעל „וואַרשוי“ אויף די פּעקלאך און האָט ניט געוואָלט אַרויסגעהן צו די אַנדערע קינדער. ראַהעל האָט בעמערקט דאָס קינד זיטצענדיג אין א ווינקעל ווי אַן ערוואַקסענע, איינגעבויגען דאָס קעפּעל אויף איהרע דינע שוואַכע הענטלאך, און די קינדערשע אויגלאך האָבען דורך די פּאָאר טעג, וואָס זי איז דאָ געזעסען מיט די „פרעמדע עלטערן“ געקריגען אַזאַ אויסדרוק, אַזאַ גלאַנץ ווי א שטומער הונד וואָס קען נישט רעדען, נור פערגלייסט די אויגען און זאָגט אַלעס אַרויס מיט'ן בליק.

— וואָס איז, דאָס קינד איז קראַנק? פרעגט ראַהעל די אידענע, וועלכע איז געזעסען דערביי.

— וואָס, קראַנק? — דערשרעקט זיך די אידענע פאַר דעם וואָרט, וואָס שמעקט מיט צוריקשיקען — דאָס קינד איז געזונד. געה דיך, רחל'ע, געה דיך שפּיעלען מיט די אַנדערע קינדער.

ראַהעל האָט עס געפּרובט אָננעהמען ביי דער האַנד, דאָס קינד האָט געוואָרפען דערויף א קראַנקען דערשראָקענעם בליק און צוריק בעהאַלטען זיך אונטער די קעסטלאך.

— וואָס איז דעם קינד? — פרעגט ראַהעל.

— וועה איז נאָך מיר — ברעכט די אידענע זיך די הענד — אפשר איז טאַקע דאָס קינד קראַנק, האָב איך מיר אַליין זיך אָנגעמאַכט א צרה. זעה, שמעון — רופט זי צום מאַן — וואָס האָסטו געטהאָן, נאַ זעה, דאָס קינד איז קראַנק, מען וועט דאָך אונז איבער איהר אין אַמעריקאַ נישט אַריינלאָזען. איך האָב דיר באַלד געזאָגט, לאָז מיך צורוה מיט פרעמדע קינדער, איך האָב גענוג מיינע, נאַ זעה, וואָס וועסטו איצט טהאָן?

דערהערט אין האָטעל „וואַרשוי“ דאָס וואָרט „קראַנק“, איז אַ שרעק אַריבער איבער'ן גאַנצען האָטעל, ווי דער מלאך המות וואָלט אָנגעקלאַפּט מיט די פליגלען. — „ווער איז קראַנק?“ „וואָס איז קראַנק?“ — האָט איינער דעם צווייטען מיט דערשראָקענע אויגען און מיט בלייכע געזיכטער געפרעגט. יעדער האָט אָנגעהויבען צוזאַמענצורופען, צונויפצוזאַמלען זיינע אייגענע קינדער און בעהאַלטען זיי, ווי די הינער בעהאַלטען די הינדלאך אונטער זיך. „אוי, וועה! וועמען האָט דאָס אונגליק געטראָפען? א וואָס איז געשעהן?“ — האָט איינער דעם צווייטען גע'סוד'עט אין אויער אַריין, און בעהאַלטען זיך אין די ווינקלאך, אַבי נור ווייטער זיין פון דעם, וואָס איז קראַנק.

— וואָס קראַנק, ווער איז קראַנק? — האָט שמעון, דער אידענעס מאַן, אויסגערופען וועלכער איז דערווייל געקומען צולויפען און געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענד. — ווער האָט אויפ'ן קינד דאָס אויסגעטראַכט? וואָס ווילען די „דייטשען“ פון מיר? — רופט ער אויס מיט א געבייזער אויף ראַהעל און מישאַ'ן — וואָס פאַראַ נייע קאָנטראָלשציקעס זיינען אויף מיין קאָפּ אויפגעשטאַנען? דאָס קינד איז געזונד,

דאָס קינד לאַכט, שמייכעלט. רחל'ע, רחל'ע, ווילסט פאָהרען קיין אַמעריקא ?—רופט ער צום קינד — און שטעקט איהר די באָרד אין פּנים'ל אריין, און קיצעלט איהר אונטער די אָרימלאַך, אז עס זאָל לאַכען. „נאַ, דאָס קינד שמייכעלט — רופט אויס דער איד מיט צופריעדענהייט.
— וואָס ווילען זיי פון דאָס קינד האָבען ?“

אז ראהעל און מישא האָבען דערזעהן די שרעק, וואָס זיי האָבען אַנגעוואָרפען מיט זייער וואָרט „קראַנק“ אויף די איינוואוינער פון „האָטעל ווארשוי“, האָבען זיי מורא געקריגען, אז זיי זאָלען ניט ארויסרופען ביי די איינוואוינער א פערקעהרטע מיינונג, און א אַנדער איינדרוק וועלכען זיי האָבען זיך געוואונשען. ראהעל האָט זיך צוריקגעכאַפּט און אויסגערופען : „ווער זאָגט, אז דאָס קינד איז קראַנק? דאָס קינד איז געזונד, גאָר געזונד, קום רחל'ע, קום שפּיעלען מיט די קינדער“ — און האָט פון דעם אידען'ס הענד ארויסגענומען דאָס קינד און געפיהרט עס אין הויף אריין צו די אַנדערע קינדער, און דער עולם האָט זיך בערוהיגט.

ראהעל האָט אָבער באַלד בעמערקט, אז דאָס קינד איז ווירקליך קראַנק. די בעקעלאַך האָבען געגליהט ווי פייער, און די אויגען האָט עס געהאַט קראַנקע. געלייגט דאָס קעפּעלע אויף א זייט און געבעטען זיך מיט די קראַנקע אויגען רוה. ראהעל האָט רחמנות געקריגען אויפ'ן קינד. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. האָט גערופען מישא'ן אָן א זייט און געזאָגט צו איהם מיט טרעהרען אין די אויגען :

— דאָס קינד איז קראַנק, עס איז מיר א רחמנות צוזוקוקען, איך וויים נישט וואָס צו טהאָן ?

זיי האָבען אין געהיים געמאָסטען די היטץ און דערזעהן, אז דאָס קינד האָט הויכע וואַרימקייט, זיי האָבען בעשטימט דאָס צו זאָגען דעם אידען.

— איהר קענט נישט פאָהרען, דאָס קינד איז קראַנק — זאָגט מישא צו דעם אידען.

— וואָס רעדט ער, וואָס וויל ער פון מיר האָבען ? — בעט זיך דער איד ווי ביי א גזלן — עס איז נישט מיין קינד. איך האָב רחמנות געהאַט אויף א פרעמדע אידענע און איבערגענומען איהר קינד. איצט וועל איך דאָ מוזען בלייבען צוליעב דער מיידעלע. איך וועל עס צוריקשיקען דער מוטער, וואָס ווילען זיי פון מיר.

דערהערט ווידער אין „האָטעל ווארשוי“ דאָס וואָרט : „דאָס קינד איז קראַנק“, איז א גרויסער רעש געוואָרען. אייניגע האָבען געשריען, אז מען זאָל זאָגען דעם פּערוואַלטער דערפון. אַנדערע האָבען זיך געבעטען : „אידען, האָט רחמנות אויף זיך, זאָגט נישט דעם פּערוואַלטער, מען וועט אונז אַלע דאָ אָבהאַלטען צוויי־דריי וואָכען צייט, דערוויל געהט די שיף אוועק, מען וועט אונזערע קינדער אין האָספּיטאַל נעהמען, פון אַמעריקא צוריקשיקען“. יעדער איינער האָט זיך ווידער צוזאַמענגענומען זיינע קינדער, געקוקט זיי מיט שרעק אין די אויגעלאַך אריין און מיט שרעק זיך בעהאַלטען. און דער איד האָט געשריען און די אידענע האָט געוויינט : „איך וועל דאָס קינד איבערלאָזען, לאָז זיין וואָס עס וויל. פאַר א פרעמד קינד וויל איך נישט ליידען, מעהר פעהלט אונז ניט מען זאָל אונז אין אַמעריקא נישט אריינלאָזען.“

אין מיטען דעם רעש איז געזעסען דאָס זיעבען־יעהריג מיידעל, דעם קאָפּ אַנגעלעהנט אויף א זייט און געקוקט שוואַך מיט די אויגען, אַזוי ווי זי וואָלט געוואוסט, וועגען וואָס דאָ געהט אָן און עס איז איהר שוין אַלץ איינס געוועזן.

דערוויל איז אריינגעקומען דער גאַליציאַנער אידעל מיט די ציטערנדע פּאות. דער עולם איז אין איין מינוט שטיל געוואָרען. און איז פערנומען געווען אין שמועס און געלעכטער און פּאַקען זיך, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט געוועזן. נור אין דער שטיל האָט איינער צום צווייטען געוואונקען און געמאַכט מיט די הענד, צייכען זיך געגעבען, אז מען זאָל פערשווייגען. דער גאַליציאַנער אידעל האָט אָנגעהויבען עפּעס צו דערשמעקען, אז דאָ האָט עפּעס פּאַסירט. ער האָט זיך אָנגעהויבען ארומצוקוקען, נאָכצושפּירען און געוואָרפען אויגען מיט חשד אויף איטליכען בעזונדער. אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט דערגעהן. דער גאַליציאַנער איז ארוים שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. און דער איד, וואָס האָט געפיהרט דאָס קינד, האָט בעשטימט, אז ער זאָל זיך מאָרגען, ווען מען וועט געהן צום שיף, ארוים'גנב'ענען זיך פון קינד. דאָס קינד איבערלאָזען אין „האָטעל ווארשוי“ און אַליין, מיט זייניגע, ארויף אויף דער שיף.

ער האָט זיך וועגען דעם געסוד'עט מיט זיין ווייב. און צו די אַנדערע אידען האָט ער אַזוי געזאָגט מיט א רחמנות פּנים :

— וואָס זאָל איך טהאָן ? איך האָב געוואָלט א אידען א טובה טהאָן. די מוטער ליגט קראַנק אין האָספּיטאַל, דאָס קינד האָבען זיי נישט געוואָלט אָננעהמען. עס איז געזונד, זאָגען זיי. עס האָט נישט ביי וועמען צו זיין. פון איין שטאָדט זיינען מיר, האָב איך עס געוואָלט דעם פּאָטער מיטברענגען. אז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט בין איך נישט שולדיג. אונגליקליך ווערען איבער א פרעמד קינד וויל איך נישט, איך האָב אַליין קליינע קינדער, זיי קענען נאָך אויך, גאָט בעהיט, קראַנק ווערען.

די אידען און די ווייבער האָבען געקוקט אויפ'ן קראַנקען קינד און געשאָקעלט מיט די

קעפּ. זיי האָבען רחמנות געהאַט דערויף — אודאי האָבען זיי עס געוואָלט העלפען, נור זיי זיינען אַזוי אָנגעשראָקען און נידערגעשלאָגען געווען, אַז זיי האָבען פערשטיקט דאָס רחמנות אין זיך.

אויף דער נאַכט, אַז עס איז געקומען צום לעגען שלאָפען, די לעצטע נאַכט איידער די שיף געהט אָב, האָט די פרעמדע אידענע געבעט דאָס קראַנקע קינד בעזונדער, האָט דערביי איהר קעסטעל מיט די זאַכען און איהר קישעלע, וואָס זי האָט מיטגענומען פון איהר מוטער, אונטערגעלעגט. איהרע אייגענע קינדער האָט זי ארום זיך צוזאַמענגענומען און בעהיט זיי, אַז זיי זאָלען זיך נישט חלילה צוריהרען צום קראַנקען קינד און זיך נישט אַנשטעקען. אויך אַלע איבריגע עמיגראַנטען האָבען זיך אָבגערוקט פון דעם קראַנקען קינד. יעדע משפחה איז געלעגען ארום איהרע קעסטלאַך און פעקלאַך און פערבראַכט די לעצטע נאַכט אין „האָטעל וואַרשוי". אין אַ ווינקעלע, אַליין, איז געלעגען דאָס קראַנקע קינד, ווי אַ מצורע און עס האָט אַריינגעקרעכצט אין איהר קישעלע אַריין. ראַהעל האָט עס ניט געקענט פערטראָגען. זי האָט איין מינוט נישט איבערגעקלערט; אַז זי האָט דערזעהען דאָס קראַנקע קינד, ווי עס ליגט אַליין, אָבגעוואָרפען פון אַלע, האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָהנט. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי האָט ערגעץ־וואו דאָס קינד געזעהן און דאָס קינד איז איהר׳ם זעהר אַ נאָהענטע. עס איז איהר קינד, און זי איז מחויב זיך דערמיט אָבצוגעבען. זי איז צוגעגאַנגען צום קינד און האָט זיך דערנעבען געלעגט, זי האָט עס ארומגענומען. רהל׳ע האָט זי צום ערשט אָנגעקוקט מיט איהרע שוואַכע אויגען, ווי עס וואָלט זי עפּעס געווען געפרעגט. באַלד האָט דאָס עפּעס דערפיהלט און האָט שוואַך איבערגעגעבען מיט צוטרויען איהר קעפּעל אויף ראַהעל׳ס ברוסטען.

ראַהעל האָט עס צוגענומען און זי האָט אין איהרע הענד דערפיהלט ווי זי האַלט עפּעס וואָס איהר׳ם און עס געהערט צו איהר.

און אַז די ווייבער האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי אויסגערופען מיט שרעק:

— געדענקט אין גאָט, וואָס טהוט איהר? דאָס קינד איז קראַנק, איהר וועט זיך דאָך נאָך אָנשטעקען און מוזען איבערבלייבען.

— עס איז מיין קינד — האָט ראַהעל אָבגעענטפערט.

און צומאָרגענס זיינען זיי טאַקע נישט אָבגעפאָהרען מיט די אַנדערע פּאַסאַזשירען. זיי האָבען גענומען פון דעם אידען דעם אַדרעס פון דעם קינד׳ס פאָטער אין ניו יאָרק און זיינען איבערגעבליבען דערמיט אין „האָטעל וואַרשוי".

דער דאָקטאָר האָט עס אונטערזוכט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס קינד איז קראַנק אויף אַ טיפוס, און ראַהעל האָט עס אָבגעגעבען ווי עס איז איהר אייגענס, און איז איבערגעבליבען דערמיט אין האָספּיטאַל, וואָרטענדיג ביז עס וועט געזונד ווערען, אַז זיי זאָלען עס מיטנעהמען קיין ניו יאָרק צום פאָטער.

קאַפּיטעל 30.

א האָכצייטס־רייזע.

אין אַ פּאָר וואָכען ארום איז יאַש בלום צוריקגעקומען קיין זאַקאָפּאַנע וואו ער האָט געלאָזט מערי׳ן מיט די שוועסטער. ער האָט גענומען זיין כלה און איז מיט איהר אוועקגעפאָהרען אין דער וועלט אריין. ער האָט איהר נישט געזאָגט וואו אהין זיי פאָהרען און זי האָט איהם אויך נישט געפרעגט. עס איז איהר געווען אַלץ איינס און זי האָט זיך מעהר מיט זיך ניט אינטערעסירט, נור געהאַט דאָס בעדערפניש אָנצו׳שכור׳ן זיך מיט דעם לעבען און זיך פערגעסען אין לעבען.

אין דער ערשטער שטאָדט וואו זיי האָבען אָבגעהאַלטען — אין וויען, זיינען זיי פערפאָהרען אין אַ האָטעל, געשטאַנען נור אַ טאָג, געזעהן קיינץ׳ן אַלס אַנטאָניוס אין „יוליוס צעזאַר", און ווייטער געפאָהרען. זיי האָבען גענומען די באַהן קיין איטאַליען און מערי איז גליקליך געווען.

אַז זיי זיינען ארויסגעפאָהרען פון וויען האָט געדרעגענט. עס איז שוין געווען אין שפּעטען הערבסט. נור וואָס נעהנטער זיי זיינען געקומען אין זיעד, אַלץ שעהנערען וועטער האָבען זיי געקריגען. דער הימעל איז געוואָרען קלאָרער. די פעלדער זיינען געווען גאָלד־בעשניטען, נור דאָ און דאָרט האָבען זיך אַדורכגעוואָרפען גרין־געטנער אָבגעשטאַנענע, וואָס האָבען געגרייטעלט זייער איבערבלייבעכטס אויף דער זון. איינצעלנע רויטע האָניג־בלומען האָבען זיך אין דער זון געגאָלדעט, איינצעלנע אָראַנזשען, מעלאָנען האָבען ארויסגעקוקט ווי טראָגענדע ווייבער פון אונטער די בלעטער, פון דער ערד. דאָ און דאָרט האָט זיך נאָך פערוואָרפען אַ פעלד אָבגעשניטענע קאָניטשינע, געבונדענע אין גאָלדענע בינטלעך; אַ בייט רויטע בוראקעס וואָס מען האָט נאָך איבערגעלאָזט אין פעלד, און דאָס אַלעס האָט אויסגעזעהן ווי רעשטלעך איבערגעבליבענע פון אַ רייכע חתונה, וואָס האָט זיך ערשט נור וואָס דאָ אויף די פעלדער אָבגעשפּיעלט.

זיי זיינען געזעסען ביידע, יאַש און מערי, אין וואַגאָן צווייטער קלאַס אָדער אין רעסטאָראַן.

יאַש איז עפּיס געווען פערנומען מיט זיך, געקלעהרט אין דער שטיל און האָט זעהר וועניג גערעדט. נור אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען די ערשטע מויערען, בעהאַנגען

מיט וויינטרויבען אָדער מיט איבערגעבליעבענע רויזען, האָט ער אויסגעבראָכען אין פרייד.

מערי האָט עפּיס דערפיהלט, אַז דער יונג טראָגט אין זיין הארץ אַ גרויסען, טרויעריגען סוד, וואָס ער זאָגט איהר ניט אויס. זיין פרייד און שמייכלען איז געווען אונגאַטירליך, און ווען ער האָט טיילמאָל געקוקט אויף מערי'ן, האָט זי בעמערקט, ווי אין זיינע אויגען האָט זיך אריינגעגנב'עט אַ טרויעריגער, ערנסטער בליק, וואָס עס פּאַסט זיך גאָר נישט צו זיין יונג, זאָרגלאָז פּנים און וואָס ער האָט ניט געהאַט פריהער, בעפאָר ער האָט זי פערלאָזט.

זי האָט איהם נישט געוואָלט פרעגען, וואָס ער טראָגט אין זיין הארץ. עס איז איהר שליסליך אַלץ איינס געווען, און דאָס לעבען האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען ביי איהר אַ ראָלע אַלס גאַנצעס. זי האָט שוין ניט געקאָנט זעהען איהר צוקונפט. עס איז איהר נור אינטערעסאַנט געווען, וואָס עס וועט זיין אין דער נעקסטער מינוט. און די נעקסטע מינוט האָט זי געוואוסט וועט איהר זיין אינטערעסאַנט, ווייל זי פאָהרט קיין איטאַליען. דעם יונגס טרויריגער בליק, וואָס האָט זיך אריינגע'גנב'עט אין זיינע אויגען, און דאָס ערנסטע פערקלערען זיך, אין וועלכען ער פאַלט אריין פון צייט צו צייט — האָט זי עפּיס נעהנטער געמאַכט צו איהם. ווער ווייסט? דאָס האָט געוואָרפען אַ נייעם שיין אויף איהם, און זי האָט איהם אָנגעהויבען ליעב צו קריגען. דער סוד, וואָס ער טראָגט ביי זיך אין הארצען, האָט איהם אינטערעסאַנט און זי נייגעריג געמאַכט. נור זי האָט נאָך בעהאַלטען דאָס געפיהל טיעף אין זיך און געווען אַזוי גלייכגילטיג ווי פריהער. דאָס בוך וואָס זי האָט געלעזען איז געלעגען אָפען פאַר איהר און זי האָט די גאַנצע צייט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער.

אין וואַגאָן־רעסטאָראַן ביים „טאַבל ד'אָט" זיינען זיי געזעסען מיט אַ עלטערן הערר, אַ דייטש, וועלכער האָט געמאַכט אַ לוסטרייזע קיין איטאַליען. דער הערר איז געווען זעהר לוסטיג און געזאָגט, אַז עס איז אַ גוטער סימן פאַר איהם, וואָס ער האָט ביי זיין טישעל „די יוגענד". און אַז יאַש האָט איהם געענטפערט, ווייזענדיג אויף מערי'ן, אַז דאָס איז זיין יונג ווייבעל ערשט נאָך דער חתונה און יעצט מאַכען זיי זייער חתונה־רייזע — האָט דער דייטש זיי הערצליך געוואונשען און ער איז גליקליך געווען דעריבער, וואָס דאָס מזל האָט איהם צונויפגעפיהרט צו עסען ביי איין טיש מיט חתן־כלה פּאָר. עס איז אַ גוטער צייכען. און ער האָט דוקא פערלאַנגט פון זיי, אַז זיי זאָלען זיך אונטערשרייבען אויף דער קאַרטע פון מעניו, און ער האָט זי אַהיים געשיקט זיין פרוי.

אויף מערי'ן האָבען יאַש'ס ווערטער געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק: „אַ האָכצייט־רייזע" . . . און זי מוז זיך זאָגען, ווי נישט ערנסט דאָס איז געווען געמיינט, דאָך האָט זי געפיהלט אַ געוויסע בעפרידיגונג אין דעם וואָרט. און עס איז איהר געווען, ווי ער וואָלט איהר געוואָלט דערמיט גוטס טהון, און זי איז נייגעריג געוואָרען צו וויסען זיין סוד.

אין מיטען דער נאַכט זיינען זיי אָנגעקומען קיין ווענעדיג. און אַז זיי זיינען געפאָהרען מיט דער גאָנדאָלע איבער'ן גרויסען קאַנאַל אין זייער האָטעל אריין, האָט די לבנה געשיינט איבער'ן קאַנאַל און איז מיטגעשוואומען מיט זיי איבער אַלע קאַנאַלען און וואו זייער גאָנדאָלע האָט זיך פערקרעוועט.

ארום און ארום איז שטיל געווען. די הייזער זיינען געווען פערמאַכט, די פענסטער אויסגעלאָשען, לאַמטערן האָבען זיך איינזאַם געברענט איבער די בריקען, וואָס זיינען געלעגען פערוואָרפען איבער'ן קאַנאַל. און עס האָט אויסגעזעהן, ווי עפּיס אַ שטילע לויה וואָלט ערשט איבער דעם קאַנאַל געווען אדורכגעפאָהרען. זיי איז עפּיס מיט אַ מאָל זעהר שטיל געוואָרען אויף דער נשמה. איבער'ן וואַסער האָט זיך געוואָרפען אַ שוואַרצער שאָטען, און מערי האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי עס וואָלט זיי אַ אונבעוואוסטע, נישט־זיכטבאַרע גאָנדאָלע געווען נאָכגעפאָהרען, און דאָרט, אויף יענער, זיצט דער טויט . . .

זי האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען און האָט זיך איינגעקאָרטשעט. זי האָט זיך געוואָלט בעהאַלטען אין יאַש'ן, און זי האָט געקוקט אויף איהם. זיין געזיכט איז אין דער ליכט פון דער לבנה בלייך געווען און פרעמד. און יאַש איז איהר מיט אַ מאָל אַזוי אונבעקאַנט געווען, אַזוי פרעמד, אַז זי האָט זיך געשראָקען פאַר איהם און נישט געוואוסט, וואָס זי טהוט ביי איהם. זי האָט זיך דערפיהלט אַזוי עלענד און אַליין יעצט אויף דער גאָנדאָלע ביי יאַש'ן, אַז עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, דאָס די גאָנדאָלע, וואָס פאָהרט זיי נאָך, פאָהרט דאָס נאָך איהר, זי צו כאַפּען, און יאַש וועט זי ארויסגעבען.

און אַזוי זיצענדיג איינגעקאָרטשעט אין זיך, האָט זי געקלעהרט וועגען אַ נאָהענטען מענש, אַ מענש וואָס זאָל זי אָנגעהען, וועלכער וואָלט זיך אָנגענומען פאַר איהר. און זי האָט קיינעם נישט, קיינעם נישט געפונען און געווען איינע אַליין אין דער וועלט. אַ מינוט האָט זי זיך אָבגעשטעלט ביי מישאַ'ן, נור אויף זיין געשטאַלט איז צורונען אין איהר זכרון, ווי אין אַ נעבעל.

און ביי דעם נאַקעט־בלויז זיין אין דער וועלט, האָט זי זיך געפיהלט גרייט אויף אַלעם. און זי האָט פּלוצים מוט בעקומען און אָנגעכאַפּט יאַש'ס האַנד און געקוקט איהם אין גע־

זיכט אַריין. און איהרע אויגען האָבען קאָקעטיש געשמייכעלט און איהרע נאָזלעכער האָבען געציטערט. און זי האָט געזאָגט צו איהם מיט פרייד:

— פאַר וואָס שווייגסטו, יאַש?

ווי זי וואָלט געוואָלט קויפען די זיכערקייט מיט איהר ווייבליכעס, האָט זי צוגעבויגען איהרע ליפּען צו זיינע און איהם לאַנג און טיעף געקושט, און צוגערוקט זיך צו איהם און איינגעגעסען זיך מיט איהר שמאָליג לייב אין איהם אַריין, ווי זי וואָלט געוואָלט דערוואַרימען זיין קאַלטע נשמה מיט איהר יונג, וואַרים לעבען.

דער יונג האָט איהר אַקעגען געשמייכעלט און ערווידערט איהר וואַרימען קוש. עס זעהט זיך אָן, אַז ער האָט אויך געוואָלט אַנטלויפען פון אַן אונבעוואוסטע שרעק, וואָס איז איהם בעפאַלען, און רעטען זיך מיט דער תאוה.

אַזוי אָנגעהאַנגען מיט די ליפּען, צוגעטוליעט איינער צום צווייטען זיינען זיי צוגעשוואומען אין אַ טונקעלע האַלע אַריין, פון וואַנען זיי זיינען אַראָב און מען האָט זיי געפיהרט אין האָטעל אַריין.

יאַש האָט מיט אַ פרעהליכען טאָן פערלאַנגט אַ גרויסען נומער מיט אַ באַד. באַלד האָבען זיי זיך געפונען אין אַ גרויס, בעקוועמען צימער, איינגעריכטעט האָטעל־מעסיג, אין לעדער און רויטען מעבעל. די דריי גרויסע עלעקטרישע לייכטער האָבען בעהעלט דאָס צימער, און די שרעק, וואָס איז זיי בעפאַלען אויף דעם קאַנאַל, איז פון זיי אַוועק און עס איז נור איבערגעבליעבען די יוגענד און די לוסט, וואָס האָט זיך אין זיי אָנגעצונדען.

דער יונג האָט געקוקט אויף איהר מיט בעטלענדע אויגען. זי האָט פערשטאַנען זיין בקשה און זי האָט איהם היינט געוואָלט צוליעב טהון. זי האָט היינט געוואָלט איהם געפעלען און אַרויסקריגען פון איהם דעם סוד, וואָס דריקט זיין נשמה זייט ער איז צוריקגעקומען, און ער האָט איהם נאָך נישט ענטפּלעקט פאַר איהר.

זי האָט געוואָלט היינט שעהן זיין.

זי איז פערשוואונדען אין באַד. זי האָט מיט זיך מיטגעפיהרט אומעטום וואו זי איז געפאָהרען קליינע בינטלעך בשמים, געטריקענטע בלעטער פון רויזען און פעפער־העלצלעך, אין וועלכע זי האָט זיך געבאָדען. פון דעם האָט איהר לייב געקריגען אַ זיסען געשמאַק און איז גלאַטיג געוואָרען ווי זייד.

לאַנג האָט געדויערט די באָד, ביי וועלכער דער יונג איז געלעגען אויף זיין געלעגער אין אַ פיעבער און שטורעם און געוויטערס זיינען דורך זיין לייב און נשמה אַדורך געגאַנגען. ער האָט געציטערט און ער האָט געפרוירען. דרעשען זיינען דורך די ביינער איהם אַדורכגעגאַנגען און דאָס לייב און געזיכט האָבען געהיצט פאַר וואַרימקייט.

ענדליך איז זי ערשיענען. די האָר זיינען איהר געווען אַרויף פערקעמט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען איהר גאַנצער הויכער שטערען. און איהר געזיכט האָט אויסגעזעהען, ווי די הייליגע אַננאַ ביי לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. די פיס, וועלכע זיינען איהר נישט געווען גאַנץ גלייך, נור געציטערט פאַר פרישקייט און רויט אָבגעפּאַרעט, האָט זי געשטעלט ווי אויף די פרימיטיווען פון קראַנאַך׳ס בילדער. פּאָראויס פאַר זיך — איהר בויך וועלכער איז געווען פול און רונדיג און ווי אַ טוי־פרישקייט וואָלט געוועזן בעהויכט אויף איהר. איהרע צוויי יונגע טויבען־בריסטען האָבען אַרויסגעשאָסען פון איהר, ווי די פולע גרויסע וויינטרויבען און אָבגעשפּרונגען פוןביידע זייטען. פון איהר לייב האָט געוועהט דאָס זיסקייט און טוי־בעדעקטע פרישקייט וואָס עס ליגט אויף אַ יונגען, פעטען סאָסנע־וואַלד אין פריהען גרויען מאָרגען. און זי האָט געשמייכעלט צום יונג מיט פרייד און אויסגעשטרעקט צו איהם די הענד.

דער יונג איז אַראָב פון בעט, געפאַלען צו איהרע פיס, און איינגעגעסען זיין געזיכט אין איהרע פיס און געבעטען זיך.

דר. מאַקס גאָלדפאַרב

אין דער וועלט פון סענטימענטען

(אַן ענטפער צו גענ. פ. קראַנץ)

מיר לעבען איצט איבער אַזאַ צייט, ווען עס איז אויף אַן אמת שווער צו זיין געדולדיג. דער ים פון'ם געזעלשאַפטליכען לעבען איז אַרויס פון זיינע ברעגען און יעדען ווילט זיך וויסען, וואָס וועט זיין *מאָרגען*, ווען די מענשהייט וועט שוין האָבען איבערגעשוואומען דעם בלוטיגען ים. וויסען עס אויף דעם גרונד פון אַ ריינעם און זאַכליכען אנאַליז איז אָבער כמעט ווי אונמעגליך. דער מאָרגען איז אין אַ רויטען טומאַן איינגעהילט, פערבאָרגען פון אונזער זוכענדען אויג. און דאָס, וואָס דער מאָרגען איז פערהילט און דער היינט איז פערפּלאָנטערט, האָט ביי אונז אַ מערקווירדיגע עפּידעמיע געשאַפען—אַן עפּידעמיע פון נביאות.

די עפּידעמיע האָט אויך פערכאַפּט אונזער אַלטען סאָציאַליסט גענ. פיליפּ קראַנץ. גלייך ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכען האָט ער מיט געוואַלד צוריסען דעם פאָרהאַנג פון דער געשיכטע און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן שפּאַצירען אין דער ווייטער צוקונפט. ער האָט זיך פערנומען אויף אַ גאַנץ גרויסען און לאַנגען שפּאַציער, נור ווי עס ווייזט אויס איז ער אַליין פערבלאָנדזשעט געוואָרען אין דער וויסטעניש פון זיין פאַנטאַזי. דאַן איז מיט איהם געשעהן דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט יעדען בשר־ודם—ווען ער קען ניט אַריבער געהט ער אַרונטער — ער איז אַרונטערגעפאַלען צוריק צו דער ווייטער היסטאָרישער פערגאַנגענהייט. געקומען איז ער צו אונז צוריק שוין ניט ווי אַן איינפאַכער בשר ודם, נור אַזוי צו זאָגען מעשה נביא. דער „נביא אויף אַ שעה“ האָט גלייך אַרונטערגעוואָרפען די „טעאָרעטישע ברילען“, חרב געמאַכט אַלע אַלטע געטער און אויף אייגענער אחריות זיך גענומען צו טרעפען די גרויסע היסטאָרישע רעטענישען. ער האָט ווידערהאָלט די „טיעפזיניגע בעמערקונג“, אַז „ווען דאָס נעזעלע פון קלעאָפּאַטראַ וואָלט געווען קירצער, וואָלט די קאַרטע פון דער וועלט געווען אַנדערס“ (אַגב אורחה, וואָס וואָלט געווען, ווען קלעאָפּאַטראַ זאָל גאָר קיין נאָז ניט האָבען — פּאַסירען דאָך אַזוינע אונגליקען אויך!). נאָכדעם האָט ער אָנגעפאַנגען צו לופטערן די געשיכטע מיט דער וועלט־ערשיטערנדער פראַגע: „וואָס וואָלט געווען? וואָס וואָלט געווען?“

מען וואָלט זיך געוויס געקענט בעציהען גאַנץ גלייכגילטיג צו גענ. קראַנץ'ס ענטפערן אויף די פראַגע „וואָס וואָלט געווען?“—ווי אויך צו זיין נביאות זאָגען אויף דער פראַגע: וואָס וועט זיין? עס איז אויך זיך ניטאָ וואָס צו שרעקען, וואָס אַרונטערנעהמענדיג די טהעאָרעטישע ברילען, האָט גענ. קראַנץ געמאַכט אַ מורא'דיג ערנסטען פּנים און מיט לייכטע און קורצע בעוועגונגען פון זיין פעדער האָט ער געמאַכט צו אַש ניט נור דעם מאַרקסיזם נור אפילו די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפט בכלל. ער האָט אונז מיט אויטאָריטעט ערקלעהרט: „אַז אפילו אין די *גרעסטע וועלט־פּאַסירונגען* שפּיעלען אַ ראָלע ניט נור סימפּאַטיען און אנטיפּאַטיען פון פעלקער און כאַראַקטערען פון די אנפיהרער, פון די לייטענדע פערזאָנען, זאָנדערן אויך *קאַפּריזען פון שיקזאַל*, גאַנץ געוועהנליכע *צופעלע*“. אָבער דאָס איז דאָך אַזאַ ענטדעקונג רחמנא לצלן, וועלכע איז שוין גאַנץ לאַנג אַלט געוואָרען.—דער קראַנץ, וואָס די אַלטעטשקע בעל־הבית'ישע פילאָזאָפיע האָט געפלאָכטען — דער קראַנץ פון „סימפּאַטיעס און אנטיפּאַטיעס“, „כאַראַקטערען“, „אנפיהרער“, „לייטענדע פערזאָנען“, „קאַפּריזען“, און „צופעלע“ איז שוין גאַנץ לאַנג פערשימעלט געוואָרען. איצט זוכען אין איהם אַ טעם און אַ ריח איז פּשוט צו שפּעט.

די צרה איז אָבער, וואָס אויף דעם גרונד פון דער ניי געפונענער אַלטער „פילאָזאָפיע“ פּרובירט אונז גענ. קראַנץ ערקלעהרען די איצטיגע מלחמה און צו אַזאַ אונטערנעהמונג מוזען מיר זיך בעציהען ערנסט, ווייל צו אַ גרויסער פּלאָנטער בעמערקט זיך אין פיעלע סאָציאַליסטישע מוחות בנוגע צו דער מלחמה.

* * *

„ווען דער דורכשניטליכער רוסישער אינטעליגענט הערט, אַז מאַרקס ערקלעהרט אַלעס מיט עקאָנאָמיק פערלירט ער זיך אַזוי ווי מען וואָלט איבער זיין אויער פון אַ פּיסטאָלעט אויסגעשאָסען. סטייטש, ערקלעהרט דער אינטעליגענט, פערזאָרגט און ערשטוינט, געוויס איז די עקאָנאָמיק וויכטיג, בעזונדער פאַר אָרימע לייט.

ניט ווענינער וויכטיג איז אָבער אויך דער גייסט, בעזונדער פאַר אונז, פאַר דער אינטעליגענץ" — אַזוי האָט מיט יאָהרען צוריק פּלעכאַנאָוו כאַראַקטעריזירט דעם רוסישען אינטעליגענט און האָט נאָך צוגעגעבען דעם פאָלגענדען קורצען פּרוש: די גאַנצע איבערראַשונג פונ׳ם אינטעליגענט קומט דערפון, וואָס ער איז אַ ביסעל זאָרגלאָז וועגען דעם „גייסט", וועלכער איז פאַר איהם אַזוי וויכטיג. מיר ווילען דאָ חס וחלילה ניט זאָגען, אַז גענ. קראַנץ איז אויך פּונקט אַזוי זאָרגלאָז צו די פראַגען וועגען גייסט. מיר מיינען אָבער, אַז פאַר דער קורצער רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער וועלט פון סענטימענטען, האָט ער פּשוט פערגעסען, פערלאָרען פון אויג דעם אמת׳ן מאַרקסיזם און האָט זיך גענומען צו „רעווידירען" די קאַרריקאַטור אויף דעם מאַרקסיזם, וועלכע גאַנץ ביליגע און שוואַכע מוחות האָבען פערפאַסט.

מיר וועלען נאָך אַ מאָל געבען דאָס וואָרט גענ. פּלעכאַנאָף. ווי זיין שטייגער איז פאָרמולירט ער אויך די פראַגע דייטליך און שאַרף.

אָפט פערשטעהט מען מאַרקס׳עס געדאַנק וועגען דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע אַזוי: „אויב קאַנט האָט זיך בעשעפטיגט מיט די פראַגען פון שעהנקייט, ווען ער האָט גערעדט וועגען די קאַטעגאָריעס פונ׳ם פערשטאַנד אָדער וועגען די ווידערשפּרוכען פונ׳ם שכל, זיינען דאָס ביי איהם געווען בלויז פראַזען: אין אמת׳ן האָבען איהם ניט אינטערעסירט ניט די שעהנקייט, ניט די קאַטעגאָריעס, ניט די ווידערשפּרוכען. ער האָט בעדאַרפט נור איין זאַך: צושטעלען דעם קלאַס, צו וועלכען ער האָט געהערט, דאָס הייסט, דער דייטשער קליין־בורזשואַזיע, וואָס מעהר געשמאַקע מאכלים און שעהנע מיידלעך".

אַזוי ווייזט אויס פערשטעהט אויך גענ. קראַנץ דעם מאַרקסיזם, און דערפאַר טאַקי וועלען מיר פרעגען צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָווען: „צו דאַרף מען דען דערווייזען, אַז דאָס זיינען אבסאָלוטע נאַרישקייטען?" ניין, מען דאַרף עס ניט דערווייזען. דאָס איז קלאָהר פאַר יעדען, וואָס האָט כאָטש עפּיס אַ פאָרשטעלונג וועגען דעם מאַרקסיזם. מאַרקס און זיינע נאָכפאָלגער האָבען אונז ניט איין מאָהל ערקלעהרט, אַז דער עקאָנאָמישער אינטערעס ווירקט אויף דער פּסיכאָלאָגיע פונ׳ם מענשען אומבעמערקט פאַר איהם גופא און זוכען ביים יחיד זיינע קרעמערשע חשבונות אָדער דירעקטע עקאָנאָמישע נוטצען הייסט פּשוט לעכערליך מאַכען די „מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע".

די „נייע" אויפפאַסונג פון דער געשיכטע, וואָס גענ. קראַנץ האָט אונז געגעבען, איז פּונקט אַזוי שאַרפזיניג ווי זיין „קריטיק" פונ׳ם מאַרקסיזם. אַז „סענטימענטען" שפּיעלען אַ ראָלע אין די בעציהונגען צווישען מענש און מענש, ווי צווישען פאָלק און פאָלק — דאָס האָבען נאָך אונזערע באָבעס געוואוסט. מיר ווייסען אָבער אַלע, אַז סענטימענטען זיינען פערשיעדענע אין פערשיעדענע צייטען, ביי פערשיעדענע פעלקער אין איין און דערזעלבער צייט, ביי פערשיעדענע טהיילען פון איינעם און דעם זעלבען פאָלק און די אויפגאַבע פונ׳ם היסטאָריקער און פאָרשער איז צו ענטדעקען די ספּרונגדזשינעס, וואָס ברענגען די סענטימענטען אין בעוועגונג. די אויפגאַבע לאָזט גענ. קראַנץ איבער צו זיינע לעזער ער זאָגט אונז: „דענקט טאַקי נאָך וועגען דעם". פאַר דער עצה קענען מיר געוויס דאַנקבאַר זיין גענ. קראַנץ׳ען. דענקען שאַדעט קיינמאָל ניט. מיר האָבען אָבער דאָס רעכט צו זאָגען דאָסזעלבע צו אונזער בעל יועץ: דענקט כאָטש נאָך וועגען דעם וואָס איהר רעדט.

אָט דערצעהלט איהר אַליין, אַז די אַמעריקאַנער סימפּאַטיזירען מיט די „עליים" צוליעב ריינע פּרינציפּען פון „פרייהייט", פון „ציוויליזאַציע". דייטשלאַנד, ווידער, איז אַ געפאַהר פאַר דער ציוויליזאַציע צוליעב איהר מיליטאַריזם. מיר וועלען פּרובירען איינשטימען מיט אייך אויף איין רגע. די קשיה איז אָבער, אַז אויב דער צער פונ׳ם מיליטאַריזם איז אַזוי גרויס פאַר די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען, טאָ פאַרוואָס פּרעדיגען אַזעלכע איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער פּאָליטיקער, ווי דער עקס־פּרעזידענט רוזוועלט פון איין זייט און דער מעכטיגער צייטונגס־באָס הוירסט פון דער צווייטער, דעם מיליטאַריזם פאַר אַמעריקאַ גופא? און נאָך אַ פראַגע: אויף דעם גרונד פון וועלכע פּאַקטען קענט איהר אונז דערווייזען, אַז דער יאָך פון מיליטאַריזם איז שווערער אין דייטשלאַנד ווי כדומה אין רוסלאַנד, ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך? אפשר נעהמט זיך דער גאַנצער שרעק פאַר׳ן דייטשען מיליטאַריזם, וואָס די דייטשע אַרמעע איז בעסער אָרגאַניזירט? זיינען דאָך די דייטשע אינדוסטריע, די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויך בעסער אָרגאַניזירט!

מיר, פון אונזער זייט, וואָלטען געקענט אָנווייזען גאַנץ גענוגענדע עקאָנאָמישע אורזאַכען פאַר וואָס דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל ווילט זיך אַזוי, אַז דייטשלאַנד זאָל כאַפּען אַ מפּלה. דערביי ווילען מיר בשום אופן ניט אויסשליעסען די בעדייטונג פון דער היסטאָרישער נאָהענטקייט צו ענגלאַנד (די דייטשען דאָ סימפּאַטיזירען געוויס מיט דייטשלאַנד). דער מאַנגעל אין פּלאַץ צווינגט אונז זיך אָבצושטעלען בלויז אויף איין פּאַקט, וועלכען גענ. קראַנץ האָט אין גאַנצען פערזעהן.

פאַר די לעצטע יאָהרען האָט דייטשלאַנד אימפּאָרטירט סחורות אין רוסלאַנד מעהר ווי די פעראייניגטע שטאַאטען, ענגלאַנד און פראַנקרייך צוזאַמען גענומען. און דער גרוי־

סער אימפּאָרט, ווי אויך דער עקספּאָרט אויף בעקוועמע בעדינגונגען פאַר דייטשלאַנד איז געווען דער רעזולטאַט ניט נור פון דער דייטשער טעכניק, פון דער דייטשער אינדוסטריע, נור אויך פון די דייטשע בעוואָפנונגען אויפ׳ן ים און אויף דער יבשה. רוסלאַנד׳ס פאַרשטעהער, שליסענדיג דעם האַנדעלס־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד אין 1904, האָבען זיך מודה געווען, אַז זיי האָבען געמוזט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דער שכנה צוליעב איהר שטאַרקייט. דער אָפּמאַך איז געווען געשלאָסען אין בערלין און לויט בערלין. אין 1916 ענדיגט זיך דער טערמין פונ׳ם רוסיש־דייטשען האַנדעלס־אָפּמאַך און צו דעם מאָמענט האָט רוסלאַנד געזוכט צו מאַכען איהר א ר מ ע ע אזוי שטאַרק, ווי דייטשלאַנד׳ס און עסטרייך׳ס אַרמעען צוזאַמען גענומען. דייטשלאַנד׳ס מפלה וואָלט געווים געעפענט א גרויסען מאַרק פאַר דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. און ווען מיר זאָגען דאָס, מיינען מיר ניט חס וחלילה אַריינלאָזען זיך אין נביאות. מיר האָבען פאַר זיך אַן אָפיציעלען דאָקומענט — די אויפפאָדערונג, מיט וועלכער דער רוסישער מיניסטער פון אויסערליכע אַנגעלעגענהייטען האָט זיך געווענדט צום אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. בכלל ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אויסערליכער קאָנקורענץ, קען מען ניט אָבטיילען די טעכניק און אינדוסטריע פון דער אַרמעע.

ווען גענ. קראַנץ האָט גערעדט וועגען אַמעריקא, האָט ער געדענקט בלויז וועגען דעם מאַרקעט אין זיד־אַמעריקא (וואָס דייטשלאַנד האָט אַלץ מעהר און מעהר פערכאַפּט) און האָט אין גאַנצען פערגעסען אָן דעם אייראָפּעאישען מאַרקעט. ווען ער האָט גערעדט וועגען ענגלאַנד*) האָט ער פערגעסען וועגען איהרע קאָלאָניעס, ד. ה. ער האָט דעם גרויסען עלעפאַנט אין דעם טיער־גאָרטען פון די אייראָפּעאישע מלוכות ניט בעמערקט. דערפאַר טאַקע האָט ער איבעראַל, זאָגאַר ביי די פערברענטעסטע און איינגעביסענסטע אימפּעריאַליסטען, געקענט זעהן בלויז סענטימענטען און אין זייער אַריינריידען זיין אייגענעם האַס צו דעם דייטשען מיליטאַריזם.

אום צו פערענדיגען מיט די „סענטימענטען" מוזען מיר ברענגען נאָך א קליינעם ביישפּיעל. גענ. קראַנץ דערצעהלט אונז וועגען דעם, אַז פיעלע אידען סימפּאַטיזירען מיט דייטשלאַנד צוליעב זייער ה א ס צו דער רוסישער רעגיערונג; דאָס וואָרט „האַס" שטרייכעלט ער אונטער, כדי צו דערווייזען, אַז די „סענטימענטען רעגיערען די וועלט". פון וואַנען־זשע האָט זיך אָבער גענומען דער האַס צו דער רוסישער רעגיערונג ביי די אידען? ווערען דען די אידען געבוירען מיט א רעפּובליקאַנער סענטימענט? אזוי ווייט וואָלט געווים אפילו גענ. קראַנץ ניט געגאַנגען. די אורזאַכע פונ׳ם האַס צו דער רוסישער רעגיערונג וואַרפט זיך פשוט אין די אויגען און קיין בעסערען ביישפּיעל אומצוּוואַרפען די אַלע אויספיהרונגען פון גענ. קראַנץ וואָלט מען גאָר ניט געקענט צוטראַכטען.

*) וועגען ענגלאַנדס „סענטימענטען" אין דער איצטיגער מלחמה איז איבעריג צו שרייבען נאָך גענ. א. ליעסינ׳ס אַרטיקעל אין דער „צוקונפט" פון אָקטאָבער.

* * *

„ווען מיר שטעלען די פראַגע — זאָגט גענ. קראַנץ — וואָס פאַר אַן אינטערעס (מיינענדיג דערביי, נאַטירליך, א מאַטעריעלען נוצען) האָט א פויער, אַן אַרבייטער, א קליינבירגער און אפילו א קאַפּיטאַליסט (יעדער איינער מוז דאָך צוגעבען, אַז א בעדייטענדער טהייל פון קאַפּיטאַליסטישען קלאַס ליידט אויף דורך מלחמות) צו געהן אין מלחמה, צו פערגיסען זיין בלוט אין שלאַכטען, בלייבען מיר שטעהן פערוואונדערט און דערלאַנגען א מאַך מיט דער האַנד אין פערצווייפלונג אויף דער מענשליכער דומהייט און באַרבאַריע". יע, גענ. קראַנץ, ווען מען דערלאַנגט א מאַך מיט דער האַנד אויף דער מענשליכער דומהייט, פערלירט מען די מעגליכקייט די דומהייט צו פערשטעהן. וואָלטען די אויבען געבראַכטע ווערטען געווען גע׳חתמ׳עט פון א מענשען, וואָס דענקט, אַז אַלעס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט איז גוט און פערנינפטיג, וואָלטען מיר די פערצווייפלונג פערשטאַנען. מיר וואָלטען איהם פערשטאַנען, אָבער אין דערזעלבער צייט וואָלטען מיר איהם געקענט אויפ׳ן גרונד פונ׳ם מאַרקסיזם טרייסטען. מיר וואָלטען איהם געקענט זאָגען: יע, אַלע ליידען פון מלחמות. נאָך מעהר, אפילו די קאָנקורענץ, וואָס פיהרט צו מלחמות, האָט אויך שוין אויפגעהערט צו זיין א פאַקטאָר פון פּראָגרעס. פערקעהרט, זי ברענגט צו אינווענינסטע קריזיסען און צו אינערליכע מלחמות. דאָס איז דער בעסטער בעווייז, אַז די היינטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג האָט זיך שוין לגמרי אויסגעשעפּט. די ד ו מ ה י י ט פונ׳ם היינטיגען לעבען מאַכט אונז נעהענטערער צום פ ע ר נ י נ פ ט י ג ע ן מאָרגען.

ווי מיר זעהן איז גענ. קראַנץ שווער צו פאָהרט אויף דעם וואָגען פון סענטימענטען אין די געדיכטע וועלדער פונ׳ם היינטיגען לעבען. בעזונדערס איז עס שווער, ווען מיר ווילען אוועקמאַכען מיט דער האַנד די עקאָנאָמישע אינטערעסען, וואָס שטעהען הינטער יעדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און טרייבען אָן יעדע געזעלשאַפטליכע געשעהנים!

איך פיהל, אַז געג. קראַנץ קען ביי דער געלעגענהייט ווידערהאָלען די פראַגע: „וואָס פאַר א נוצען האָט דער אַרבייטער און ז. וו. פון דער מלחמה?“ לויט דעם אַלטען אידישען מנהג וועל איך אויף דער פראַגע ענטפערן מיט א פראַגע: וואָס פאַר א נוצען האָט אַן אַרבייטער, אַ פויער און אַפילו א קאַפיטאַליסט פון אַן עקאָנאָמישען קריזיס? אַלע לײדען זיי פון איהם און דאָך ווידערהאָלען זיך די קריזיסען סיסטעמאַטיש. ווי געשיקט זיך דאָס, אויב זיי ווערען געשאַפען פון סענטימענטען? מיר ווייסען, אַז די אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציאָן שאַפט די קריזיסען. יעדער קאַפּיטאַליסט קאָנקורירט לשם פּראָפיט און דער רעזולטאַט — דער קריזיס קומט ג ע ג ע ן דעם ווילען פון די, וואָס קאָנקורירען. אַזוי אויך די לענדער קאָנקורירען לשם מערק און דער פּועל היוצא איז די מלחמה, פון וועלכער אַלע לײדען און וועלכע קיינער קען ניט פערמיידען. און מיר וועלען אומקעהרען געג. קראַנצען זיין קלוגע עצה: „טראַכט נאָך וועגען דעם“ און דאָס וועט זיין פיעל געזינדער ווי פערצווייפעלט אַ מאַך צו טהאָן מיט דער האַנד.

מיר ווייסען, אַז מיר האָבען דאָ איבערגע׳חזר׳ט פיעלע גאַנץ אַלטע אמת׳ן. דאָס איז אָבער ניט אונזער שולד. וואָס קענען מיר טהאָן, ווען גאַנץ אַלטע מאַרקסיסטען פערגעסען די אמת׳ן. נאָך קענען מיר זיך טרייסטען דערמיט, אַז די אַלטע כללים בלייבען אימער ניי און איצט, אין דער צייט פון׳ם „גייסטיגען חורבן“ און פון צוקראָכענע סענטימענטען, שיינט אונז, וועט ניט שאַדען, ווען מיר וועלען די אַלטע כללים נאָך א מאָל איבער׳חזר׳ן.

דוד איינהאָרן

געזאַפּער זעע

1.

פריהמאָרגען.

מיט מלכות׳דיגען שטאָלץ צושפּרייטען זיך די נעבלען,
עס הויבט זיי אויף די בערג אַ אונבעמערקטע האַנד;
אָט וויעגט זיך איינער אויף, אָט שפּרייט זיך אויס אַ צווייטער,
מיט בלאָה׳ס און גרינס בעפלעקט און גאָלדיג ביי דעם ראַנד.

די פאַרבען בייטען זיך.
מיט זילבער גראָה בעצויגען,
וואַקסט אויס פון צווייטען זייט אַ ציטריגער וואַאל,
בעציערט מיט אַשיגע, בעצויבערטע געשטאַלטען,—
בעוועבט מיט דימאַנטען פון שנעע און וואַסער־פאַל.
עס האָט דעם מאָרגענס האַנד
געזאַמעלט אַלע פאַרבען —
פון זיין א רוהיגען בעהויבט׳ מעטאַלען־גלאַנץ,
פון מאַל דאָס העלע גרינס,
דאָס דונקעלע פון די וועלדער,
דאָס ליעליע פון די בערג,
און פון די יונגע פעלדער
דעם בונטען בלומען קראַנץ,
און אַלץ צונויפגעוועבט אין ליכטיגע אוזאַרען,
פאַרמישענדיג דאַביי דאָס בלאָהס פון הימעל הויך.
עס נעמט קיין ענדע נישט . . .
עס וואַקסען אַלץ די טיולען . . .
אָט הויבט זיך אויף צום שפּיץ פון באַרג דער לעצטער טיול . . .
און גאָט, וואָס זעה איך דאָרט!
אויף יענעם וואונדערבאַרען אָרט,
וואו פריהער האָט זיך פריי
געפּאַלבט א ים פון נעבלען,
צושפּרייט זיך אַ מיראַזש:
אַ שאַטען פון אַ באַרג
פאַרזונקען אין אַ רויך,
און אויפ׳ן באַרג אַ שטאָדט
פון נעבעלדיגע טורעמס;
און אויפ׳ן שטאָדט אַ גלאַנץ,
אַ שימער פון דער זון;
און אונטערען שטאָדט אַ תהום
פון אַשיג שוואַרצע וואָלקענס,

אוּן אוֹיף דעם פּאָהן פוּן תהום
אַ צווייטע שטאָדט, אַ טרוים,
אַ ליכטיגע, פוּן גאָלד,
אוּן גאָלדענע פּאלאצען . . .
אוּן ווידער רוּיך אוּן טיוּל
מיט גרין געזוּימטע ברעגען . . .
אוּן ווייטער איז שוין קלאָהר.
אוֹיף אוֹיסגעקרימטע וועגען,
צווישען וויינגערטנער,
שפּאצירט אַ פרוּיען בילד . . .
דער מאָרגען קוּמט.

.2

נאָך א רעגען.

די בערג זיי זיינען ריין
אוּן אוֹיסגעוואַשען קלאהר ;
דאָס גרינס אוֹיף זיי איז העל ;
דער שנעע מיט גלאַנץ בעדעקט,
אוּן פּערעלדיג דער קוועל.
די גאַנצע געגענד איז פוּן פרישען ליכט געמילדערט,
די ליניען זיינען לייכט.
גלייך ווי עס ווערט אין טרוים
אַמאָל אַ בילד געשילדערט.
די לופט איז עטוואָס פייכט
אוּן שימערירענד קוּים.
פוּן די בעגולטע וואָלקענס
בעהויכט איז יעדער בוים,
ווי מיט אַ גאָלדען שימער.

— — — — — — — — — —

די זעע רוּהט . . . .
אַ שטיק פוּן פּערעל־מוּטער,
געפאסט אין גרינס פוּן טאלען,
קאָקעטיש בייט זי זיך
אין אַלערליי קאָליאָרען :
אָט איז זי, דוּכט זיך, גרין
אוּן ראָזליך־בלאָה געוואָרען ;
אָט נעמט איהר שטיל אַ שטראהל
מיט גאָלד די ברוּסט בעמאלען ;
אָט ווערט זי פּלוּצלינג גראָה
אין שאטען פוּן די בערג,
אוּן ווידער בלאָה,
אוּן ווידער ראָז.
פוּן יעדען ווינטעל בלאָז
צוּמישען זיך די פארבען,
נאָר אַלץ איז אַזוי לייכט
אוּן מילד,
גלייך ווי דאָס בילד
פוּן דער שלאנקער מעדעל,
וואָס שטעהט איצט ביי איהר ברעג.
דאָס קלייד פוּן ווייסען זייד,
דער מאַנטעל זילבער־גראָה ;
אַ לייכטער קרעם טיוּל פאלט
אַראָב אוֹיף איהרע אָקסעל ;
מיט בלאָנדע האָר בעשטראהלט
איז צאַרט איהר ראָזלין פּנים.
די אויגען בלאה אוּן גרוּיס.
שטיל שטעהט זי ביי דער זעע
אוּן שפּיגעלט זיך אין וואסער
אוּן קאָקעטירט,
פארציהענדיג אין פליכט
מיט לייכט פיינע פארבען
אַ שוואַרצע האַנדשוּה
אוֹיף איהר געשניצטער האַנד,
וואָס רעדט פוּן יוּגענד פרייד
אין שטיל פערוויגטען שטאַרבען . . .
די זוּן פארגעהט . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייט, ווייט,
וואו ס׳גיסט זיך אוֹיף אינאיינעם
דער הימעל אוּן די זעע,
ליעגט מאיעסטעטיש שווארץ
דער עק פוּן שטוּרעם וואָלקען
אוּן שרעקט די שטעדט אוּן דערפלעך
ביי דעם ברעג
מיט ווייטע דוּנער־קנאַלען,
וואָס הילכען אין די בערג
מיט לאַנגע, לאַנגע שאלען,
אוּן הערענדיג זיי שטעהט
אין וויינגארטען ביי זיך
דער אַלטער פּויער גלוֹיביג,
אוּן ציהענדיג דעם הוּט,
שטיל קוּקט ער אוֹיף די בערג
אוּן מוּרמעלט פאר זיך פרוּם :
מיין גאָט איז אויביג !

קלאראַן, מאי 1914.

מ. פּאוולאָוויטש

די לויה פון זשאָרעס

(פראגמענטען פון אַ טאָגעבוך)

ערב דער מלחמה. נאַציאָנאַלער ענטוזיאַזם. די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען און די מלחמה. ווי אַזוי די ערמאָרדונג פון זשאָרעס איז פאָרגעקומען.

זונטאג, דעם 2טען אויגוסט.

דייטשלאַנד האָט ערקלערט מלחמה רוסלאַנד. דאָס האָט מען זיך דערוואוסט אין פּאַריז 10 אַ זייגער מיט 28 מינוט אין אבענד דורך אַ טעלעגראַם, וואָס דאָס פראנצויזישע אויסערע מיניסטעריום האָט בעקומען פון דער רוסישער רעגיערונג.

אַלע צייטונגען דרוקען די פּראָקלאַמאַציע פון דער פראנצויזישער רעגיערונג צו דער נאַציאָן: די רעגיערונג איז מודיע, אַז זי האָט ערקלערט אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, אָבער אַלגעמיינע מאָביליזאַציע מיינט נאָך ניט מלחמה. פערקעהרט, דאָס איז דער בעסטער מיטעל צו פערזיכערן אַ בכבוד'יגען פריעדען.

עס איז קלאַר, אַז די פּראָקלאַמאַציע איז געווען צונויפגעשטעלט און אונטערגעשריעבען פון פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און פון אַלע מיניסטאָרען נאָך איידער עס איז בעקאַנט געוואָרען אַז דייטשלאַנד האָט ערקלערט מלחמה רוסלאַנד.

פיעלע דעזערטירען, צווישען זיי ניט ווייניג אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געווען פערקאָכט אין די אידעען פון הערווע און אַנדערע אַנטימיליטאַריסטען, האָבען ביי דער ערשטער ידיעה וועגען אַלגעמיינער מאָביליזאַציע זיך געמאָלדען ביי די פראַנצויזישע קאָנסולען אין בעלגיען, שווייץ און האָלאַנד און האָבען ערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט אויסצוקויפען זייער זינד און זיך אומצוקעהרען אהיים און מקריב זיין זייער לעבען פאַר פראַנקרייך, וועלכע איז אין אַזאַ סכנה. אַנדערע דעזערטירען, וועלכע האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין פראנקרייך גופא אונטער פאַלשע נעמען אָדער זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען פריי אין פערשיעדענע פּונקטען לעבען גרענעץ, זיינען נעכטען אבענד פרייוויליג געקומען צו די קאָמיסאַרען און ערקלערט, אַז זיי וועלען זיך ניט רעכנען מיט דער שטראָף, וואָס קומט זיי פאַר אַנטלויפען פון מיליטער־דיענסט, און גיבען זיך איבער פראַנקרייך. און די אַנאַרכיסטישע פּרעסע פון פראַנקרייך גיט איבער מיט התפעלות די אַלע ריהרענדע געשיכטען און פאָדערט אויף איהרע אנהענגער צו ערפילען זייער פּאַטריאָטישע' פליכט.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער בעפעהל וועגען מאָביליזאַציע איז גלייכצייטיג אויסגעהאַנגען געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד. אַזוי, דאָס נעכטען 5 אַ זייגער אין אבענד האָבען שוין אַלע בירגער פון צפון, דרום, מערב, און מזרח פראנקרייך, אין די גרויסע שטעדט און פערוואָרפענסטע דערפלאַך געקראָגען וועגען דעם צו וויסען. איז דען אַ וואונדער, וואָס די פראַנצויזען, וועלכע וואוינען אין בעלגיען, שווייץ, שפּאַניען, האָבען אין אַ פּאָר מינוט צייט זיך אויך דערוואוסט וועגען דער פעראָרדנונג פון דער רעגיערונג? יאַ, יאַ, דאָס איז שוין ניט די פראַנקרייך פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען!

היינט האָב איך זיך דערוואוסט איינצעלהייטען פון דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע:

8 אַזייגער אין אבענד איז זשאָרעס צוריקגעקומען פון אויסלענדישען מיניסטעריום אין דער רעדאַקציאָן פון „הומאַניטע". דאָס מיניסטעריום האָט ער בעזוכט אַלס דעלעגאַט פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע, אום צו ערקונדיגען זיך וועגען דער לאַגע. בעגלייט האָבען איהם רענאָדעל און זשאַן לאָנגע, קאַרל מאַרקס איינִיקעל. זשאָרעס האָט געהאַלטען אין ריידען מיט'ן אַדמיניסטראַטאָר פון דער צייטונג לאַנדריע, ווי איינער פון די חברים האָט אַ זאָג געטהאָן: „לאָמיר אַקאָרשט צוערשט געהן עסען". זשאָרעס האָט נאָך קיין מיטאָג ניט געגעסען, און אַרבייט האָט ער נאָך געהאַט אַ באַרג. „גוט, מיר געהן" — האָט ער געענטפערט און אַלע זיינען אַוועק אין דעם בעשיידענעם רעסטאָראַנט „דיו קרואַסאַנט", וועלכער געפינט זיך צוויי טריט פון דער רעדאַקציע. ביים טיש זיינען געזעסען לאַנדריע רעכטס פון איהם, רענאָדעל לינקס, ווייטער הערר און פרוי פּואַסאָן, אַמעדעי, דונואַ, דיו־קערסי, דאַניעל רענו און זיין ברודער אַנדרע, ווייטער דער עלזאַסער דעפּוטאַט זשאָרזש וויִיל, מאָריס בערט און זשאַן לאָנגע. אַלע זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט — אַלע האָבען געפיהלט,

אַז אַן ערנסטער מאָמענט קומט אָן, די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פערפלאָנטערט זיך.

אין רעסטאָראַן איז ווי שטענדיג געווען לעבעדיג, מענשען זיינען אריין און ארויס, פּלוצלינג, האַלב נאָך ניין, קומען אריין 3 יונגע לייט, גיבען זיך אַ קעהר צו דער גרופּע סאָציאַליסטען, קוקען שאַרף אָן זשאָרעסען און געהען ארויס, ניט פערלירענדיג אַ וואָרט. פרוי פּואַסאָן האָט האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט אַ זאָג געטהאָן צו איהר שכן ביים טיש:

„די יונגע לייט זעהען אויס ווי זיי וואָלטען זוכען זשאָרעסען, זאָלען זיי איהם אקאָרשט נור ניט טויטען“.

זשאָרעס האָט גערעדט ווי זיין שטייגער, מיט הארץ—דאָס האָט ער געגעבען אָנווייזונגען זיינע פּאָליטישע מיטאַרבייטער דונואַ און רענו. דער מיטאַג האָט שוין געהאַלטען ביים ענד. אין דער רגע איז צום טיש פון די סאָציאַליסטען צוגעגאַנגען דער זשורנאַליסט דאַליע מיט זיין פרוי, אַ מיטאַרבייטער פון דער דעמאָקראַטישער צייטונג „באָנע רוזש“ — זיי זיינען געזעסען ביי אַ צווייטען טיש — און אויסגעשטרעקט צו לאַנדריע אַ קאָלירט פאָטאָגראַפיש קאַרטעל מיט די ווערטער: „קוקט, דאָס איז מיין טאָכטערל“.

— קען איך אויך אַ קוק טהאָן? — האָט זשאָרעס געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

ער האָט גענומען דאָס קאַרטעל, בעטראַכט, געפרעגט ווי אַלט דאָס מיידעלע איז און זעהר געלויבט.

דער זייגער איז געווען צעהן אָהן 20 מינוט. פּלוצים האָבען זיך דערהערט צוויי שאָסען, עס האָט אַ בליץ געטהאָן און אַ האַרצרייסענדער פרויען־געשריי האָט געגרילצט: זשאָרעס ערמאָרדעט, זשאָרעס ערמאָרדעט!

עמיצער האָט זיך אויפגעהויבען און אַ שליידער געטהאָן מיט'ן שיפּאָן אין דעם שאַטען, וואָס איז געשטאַנען הינטער'ן פענסטער און גענומען לויפען. דאַניעל רענו, אַנדרע רענו, דונואַ, טיסע — אַ מיטאַרבייטער פון „לאַ גער סאָסיאַל“ האָבען זיך געלאָזען נאָכלויפען נאָך דעם מערדער, אַ הויכער מאַגערער יונגער מאַן, זעהר נעט געקליידעט. ער האָט צום דריטען מאָל אויסגעשאָסען אום צו מאַכען זיך אַ וועג, און איז געכאַפּט געוואָרען פון פּאָליסמאַן זשאַרזש מארטי, וועלכען עס איז געקומען צו הילף דער טעלעגראַפיסט גילאַשע. דער מערדער האָט נאָך געהאַלטען אין האַנד דעם רעוואָלווער, פון וועלכען עס האָט נאָך געשלאָגען אַ רויך. דער טעלעגראַפיסט האָט איהם ארומגעזוכט און געפונען נאָך אַ רעוואָלווער געלאַדען מיט פינף קוילען, 65 פראַנק געלד און אַ פראַגמענט פון „בלויען פויגעל“, איבערגעשריעבען אויף אַ מאַשין.

דער המון האָט זיך געוואָרפען אויף'ן מערדער און געוואָלט איהם צורייסען אויף שטיקער. קוים מיט צרות האָבען די סאָציאַליסטען מיט'ן פּאָליסמאַן איהם ארויסגעראַטעוועט. ביים ערשטען פערהער האָט ער זיין נאָמען ניט געוואָלט אָנגעבען און זיך בענוגענט מיט פאָלגענדער ערקלערונג:

„איך וועל אייך נור זאָגען דאָס, אַז היינט אבענד האָב איך דערזעהן זשאָרעס'ען אין קאַפע קרואַסאָן, אויף דער גאַס מאָנמאַרטר נומ. 166, עסענדיג מיט נאָך 6 אָדער 7 פערזאָן.

איך האָב אויפגעהויבען דעם פאָרהענגעל און אויסגעשאָסען 2 מאָל.

געטהאָן האָב איך עס, ווייל זשאָרעס האָט פערראַטען זיין פאַטערלאַנד, אנפיהרענדיג אַ קאַמפּיין געגען דעם 3 יעהריגען מיליטערדיענסט, און איך האַלט, אַז פעררעטער דאַרפען בעשטראַפט ווערען און עס איז ווערט דאָס לעבען אוועקצוגעבען פאַר אַזאַ זאַך. איך בין צופריעדען, וואָס איך האָב געטהאָן מיין פליכט.“

שוין דעמזעלבען אבענד האָט מען ענטדעקט זיין נאָמען: ראַול ווילען, 29 יאָהר, שילער פון דער ארכיטעקטור־אבטיילונג פון דער לואוור־שול. זיין פאַטער אַ ציוויל־ריכטער אין ריימס, זיין מוטער שוין 20 יאָהר אין משוגעים־הויז. וועגען זיינע מאָטיווען האָט ער ווידערהאָלט דאָס זעלבע: „אין דער איצטיגער שווערער צייט, וואָס דאָס פאַטערלאַנד מאַכט דורך, האָב איך געוואָלט פערניכטען אַ שונא פון פאַטערלאַנד“. ביי אַ הויז־זוכונג האָט מען ביי איהם געפונען אַ ניט קיין געענדיגטען בריעף, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„דאָס פאַטערלאַנד איז אין געפאַהר. מען דאַרף אָהן רחמנות אויסראָטען די אינעווייניגכטע שונאים.“

לאָמיר לאָזען דעם פאַנאַטיקער־פערברעכער און זיך אומקעהרען צו דער טראַגעדיע אין רעסטאָראַן „קרואַסאַנט“.

דער טיש, ביי וועלכען זשאָרעס איז געזעסען, איז געשטאַנען נעבען וואַנד, וואָס האָט געהאַט דריי פענסטער. זשאָרעס איז געזעסען מיט'ן רוקען צום מיטעלסטען פענסטער, וואָס איז געווען אָפען צוליעב דער היץ און הינטער וועלכען דער מערדער האָט זיך געשטעלט. תיכף נאָך'ן שאָס האָט זשאָרעס זיך אַ הויב געטהאָן און גלייך געפאַלען אויף דער לינקער זייט. עס שיינט, אַז די גסיסה האָט גלייך זיך אָנגעהויבען. איבער'ן רעכטען אויער האָט ארויסגעשפּריצט אַ שטיקעל מאַרך — אַ מורא'דיגער סמן. האָט זשאָרעס פערשטאַנען אין דער רגע, וואָס מיט איהם איז געשעהן? דאָס וועט מען קיינמאָל ניט וויסען.

מען איז געלאָפען נאָך אַ דאָקטאָר. אַ פאַרמאַצעווט, וואָס איז צופעליג געווען אין רעסטאָראַן, איז צוגעגאַנגען, אַ טאַפּ געטהאָן

דעם פולס און טרויעריג א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפ. מען האָט אויפגעשפיעלעט דאָס העמד, דאָס הארץ האָט קוים געקלאפט. מען האָט דעם פערגליווערטען קערפער אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש. קאמפער־מארעל איז געקומען צו לויפען און, אָננעהמענדיג זשאָרעס'עס קאלטע האנד, האָט ער זיך צואווינט. רענאדעל האָט געלייגט נאסע סערוועטקעס צו דער קליינער עפנונג, פון וואנען עס האָט זיך געצויגען א שנירעלע בלוט. דער דאָקטאָר איז אָנגעקומען. מיינע הערען, האָט ער א זאָג געטהאָן, איך האָב מורא, אז דאָס אומגליק קאָן מען שוין ניט גוט מאכען. מען האָט זיך קוים איינגעהאלטען פון וויינען. גאנצע דריי מינוט האָט דער דאָקטאָר נאָכגעפאָרשט נאָך סמנים פון לעבען.

— זשאָרעס איז טויט — האָט ער ערקלערט
— לאָמיר קניען פאר זיין קערפער.

עס האָט אויסגעבראָכען א יאָמער. געווינט האָבען אלע — פריינד, חברים, פרעמדע. פלוצלינג רייסט זיך אויף די טהיר, עס לויפט אריין א הויכער אָפיציער, א בעוואָפענטער ווי צום וועג, רוקט פונאנדער די מענשען און פאלט אויפ'ן קערפער ארויף, בעגיסענדיג זיך מיט טרערען.

די אויפרעגונג דערגרייכט די העכסטע שטופע. אלעמען קומט איין געדאנק — אין דער פערזאָן פון קניענדען קאפיטאן, וועלכער געהט אוועק צום גרענעץ, וואו דער שונא שטראָשעט, צאהלט פראנקרייך איהר לעצטען חוב צו דעם יעניגען, וועלכער האָט זיין לעבען לאנג געקעמפפט אויפצוהאלטען דעם אייראָפּעאישען פריעדען און וועלכער האָט געזוכט וועגען און מיטלען ווי אזוי ניט צו דערלאָזען צו א מלחמה מיט איהרע גרוילען.

זשאָרעס איז געשטאָרבען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די מאָביליזאציע.

זשאָרעס איז געשטאָרבען, און די מלחמה האָט זיך גענומען אָנרוקען.

דיענסטאג, דעם 4טען אויגוסט.

די לויה פון זשאָרעס. די רעדען. די רעדע פון סינדיקאליסט זשואָ. די נאציאָנאלע מאניפעסטאציע.

אייערנעכטען איז פראנקרייך ערקלערט געוואָרען אין בעלאגערונגס־צושטאנד. נעכטען האָט דייטשלאנד ערקלעהרט מלחמה פראנקרייך און דער דייטשער געזאנדטער פאָן שען האָט 10 אזייגער אין אבענד פערלאָזען פאריז. און היינט, דעם ערשטען טאָג ווי פאריז און גאנץ פראנקרייך וויסען שוין וועגען מלחמה מיט דייטשלאנד, היינט האָט מען בעגלייט צום קבר זשאָרעסען, דעם נביא פון אינטערנאציאָנאלען שלום.

זשאָרעס, דער גרויסער זשאָרעס, וועגען וועלכען מען האָט כסדר געהאלטען אין פערשפרייטען רכילות, וואָס וועגען זיין אויסגעטראכטען רייכטום און ניט עקזיסטירענדע אויטאָמאָבילען די רעאקציאָנערע פרעסע האָט ניט אויפגעהערט צו פויקען, זשאָרעס איז געשטאָרבען ניט איבערלאָזענדיג קיין סאנטים פאר זיינע יורשים. די סאָציאליסטישע פארטיי האָט גענומען אויף זיך די הוצאות פון דער לויה.

דער דריטער טאָג פון דער מאָביליזאציע. פאריז איז האלב אויסגעליידיגט. צעהנדליגע און צעהנדליגע טויזענדער מענער זיינען אוועק צום גרענעץ; פיעלע אָנגעזעהענע סאָציאליסטען און אנארכיסטען, אנארכא־סינדיקאליסטען, דעפוטאטען, זשורנאליסטען, בעוואוסטע פאָלקס־אגיטאטאָרען, סעקרעטערע פון פערשיעדענע פראָפעסיאָנעלע, קאָאָפעראטיווע און אנדערע ארבייטער־אָרגאניזאציאָנען פעהלען שוין אין פאריז. זיי שטעהען אונטער'ן ביקס ביים מזרח־ און צפון־גרענעצען אָדער טראָגען זיך אין וואגאָנען צו די פונקטען, וואָס זיינען אין געפאהר — צו ליל, לאנגווי, נאנסי, בעלפאר א. ז. וו. יעדע מעת־לעת געהען אָב פון פאריז 150 צוגען מיט מיליטער. — קאוואלעריע, אינפאנטריע און ארטילעריע — מיט פראָוויאנט, געוועהר און שיעסמאטעריאל.

דאָך, האָבען איבער די גאסען, וואָס פיהרען צו דער בעשיידענער הייזעל, וואו דער געפאלענער קעמפפער האָט געוואוינט, פון סאמע בעגינען זיך געצויגען און געצויגען אונגעהייערע מחנות מענשען. עס זיינען ניטאָ פיעלע פון די בעקאנטע חברים, וועלכע מען איז געוועהנט צו זעהן אלע מאָל אין די ערשטע רייהען ביי די מאניפעסטאציעס אויפ'ן בית־עולם פער־לאשעז, ווען מען פייערט דעם אנדענקען פון דער קאָמונע, אָדער ביי אנדערע פייערליכע געלעגענהייטען, ווען די סאָציאליסטישע פארטיי און דער פראָלעטאריאט מאכען זייערע מאנעווערס אָדער עהרען זייערע מארטירער; ניטאָ פיעלע, וועלכע מען איז געוועהנט צו זעהן, דערפאר אָבער זעהסטו מעהר ווי געוועהנליך פרויען און מעהרסטענס אזעלכע, וועלכע האָבען אין זייער לעבען קיינמאָל קיין אנטייל ניט גענומען אין אן עפענטליכער דעמאָנסטראציע. דאָס זיינען די מוטערס און פרויען פון די סאָציאליסטען, וועלכע זיינען אוועק אין דער מלחמה, געקומען זיך בורקען פאר'ן קבר פון דעמיעניגען, וועלכער איז געווען דער אפּאָסטאל פון דער פריעדענס־אידעע און וועלכער האָט מיט זיין לעבען בעצאהלט פאר זיין אונערמידליכער מלחמה געגען מלחמה.

9 אזייגער אין דער פריה.

אין די ארימע צימערן פון זשאָרעסעס וואוינונג אויף דער גאס דע־לא־טור געפינען זיך זשאָרעס'עס פרוי, זיין טאָכטער, זיין 16־יעהריגער זוהן און נאָך אנדערע מיטגליעדער פון דער פאמיליע. זיי נעהמען אויף די בעזוכער און הערען אוים מיט געדולד די טרויסט־ווערטער, וועלכע טרויסטען שוין ניט.

10 אזייגער און 10 מינוט טראָגט מען ארויס דעם ארון און מען שטעלט איהם אוועק

אויפ'ן טויט־וואָגען. די טרויעריגע פּראָצעסיע פערלאָזט די ווילע. צוערשט געהט מאַדאַם זשאָרעס, זי שטיצט זיך אויפ'ן ארם פון אויסלענדישען מיניסטער און פּרעזידענט פון מיניסטאַרען־ראַט וויוויאַני. נאָך זיי די פאַמיליע, די פריינד און דעלעגאַציאָנען. לאַנגזאַם בעוועגט זיך די פּראָצעסיע. א שטילקייט פון א בית־עולם. קיין אָרקעסטער. מען הערט ניט די קלאַנגען פון שאָפּענס טרויער־מאַרש און ניט דעם געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל. נור דומפּף הילכען אָב די טריט פון טויזענדער און טויזענדער פון וועהטאָג דערשלאָגענע מענשען, וועלכע געהן מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ, מיט דעם אויסדרוק פון אונאויסשפּרעכליכען צער אויף די פּנים'ער. די פּראָצעסיע געהט דורך די גאַסען דעלאַקרואַ און אַנרי מאַרטען. אויפ'ן ווינקעל פון גאַס לאַ־פּאַמפּ שטעהט א טריבונע און נעבען א קאַטאַפאַלק — דער געשטעל פאַר'ן ארון. ארום דער טריבונע זיינען שוין פערזאַמעלט: די דעלעגאַציע פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דער אַלגעמיינער קאָנפעדעראַציע פון דער ארבייט, פון דער רעדאַקציע פון „ל'הומאַניטע", פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרלאַמענטס־גרופּע, פון דער פּאַריזער גרופּע פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַלע אנגעזעהענע פאָרשטעהער פון סינדיקאַליזם, וועלכע זיינען נאָך ניט אוועק פון פּאַריז — גריפּועל, פּוזשע, איוואָט, מאַרק זשואָ און אַנדערע שטעהען שולטער צו שולטער מיט די סאָציאַליסטען־דעפּוטאַטען ארום דעם קאַטאַפאַלק, אויף וועלכען עס רוהט דער טויטער גוף פון גרויסען סאָציאַליסט. א טרויעריגע, אָבער א ריהרענדע דעמאָנסטראַציע פון סאָלידאַריטעט, וואָס פערברידערט זיי אַלעמען אין דעם גלויבען, אַז ענדליך וועט דאָך טריאומפירען דער אידעאַל, וועגען וועלכען עס האָט געטרוימט דער געשטאָרבענער ברודער אונזערער. וויינט, חברים. געשטאָרבען איז א גרויסער קינסטלער־סאָציאַליסט, וועלכער האָט אַזוי ווי קיין אַנדערער געקענט מאַלען די גרויסע ראָלע פון פּראָלעטאַריאַט פאַר טויזענדער און טויזענדער אַרבייטער, וועלכע פּלעגען איהם אויסהערען ווי פער'כישופ'טע. ער האָט זיינע כוחות ניט געזשאַלעוועט, ער איז ניט אוועק פון זיין פּאָסטען, ווי א העלד האָט ער געפיהרט דעם פּראָלעטאַריאַט פון נצחון צו נצחון; און איז געמיין ערמאָרדעט געוואָרען פון יענער ווילדער און וויסטער רעאַקציע, וועלכע ער האָט געהאַסט פון גרונד פון זיין נשמה און גע'רודפ'ט זיין לעבען לאַנג. אין פעסטען גלויבען, אַז די מלוכה פון פערנונפט וועט זיך אין גיכען אויסשפּרייטען איבער'ן גאַנצען ערד־קוגעל און גערעכטיגקייט וועט הערשען אין געזעלשאַפטליכע בעציהונגען און אין די הערצער פון איינצעלנע.

אָבער ניין, דאָס איז ניט נור א פּראָלעטאַרישע דעמאָנסטראַציע. דאָס איז א דעמאָנסטראַציע פון צער פון גאַנץ פראַנקרייך פאַר'ן קבר פון דעם יעניגען, וועלכער איז געוועזען איהר בעסטער זוהן, איהר שטאָלץ, איהר רוהם, פאַר די שטערבליכע רעשטען פון דעם אידעאַלסטען און איידעלסטען פראַנצויז, וועמענס קול האָט אַזוי פּלוצלינג זיך איבערגעריסען ביי די טראַגישע אומשטענדען, וואָס פראַנקרייך לעבט איצט איבער. וויינט, איהר אמת'ע פּאַטריאָטען. געשטאָרבען איז דער יעניגער, וועלכער האָט ווי קיין אַנדערער געוואוסט ווי צו שעצען די גרויסע און ערהאַבענע טראַדיציעס פון פראַנקרייך, איהר ראָלע אין דער געשיכטע פון פעלקער, איהר פעהיגקייט צום גרויסען אָפּפער, איהר גאַסטפריינדליכקייט צו פרעמדע און פערטריעבענע, צו אַזעלכע אַפילו, וועלכע זיינען פערפאָלגט פון רעגיערונגען, מיט וועמען איהרע הערשענדע קלאַסען שטעהען אין נאָהענטער פריינדשאַפט. — געשטאָרבען איז דעריעניגער, וועלכער האָט גערעדט צו די אַרבייטער — „פערטיידיגט אייער פאַטערלאַנד, ווייל דאָס איז אַלץ, וואָס איהר פערמאָגט".

אין דעם געדרענג וואַרפען זיך אין די אויגען, אויסער סינדיקאַליסטען און סאָציאַליסטען, מיניסטאָרען, סענאַטאָרען, בעריהמטע זשורנאַליסטען, פאָרשטעהער פון אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע פּאַרטייען. א מיניסטער שטעהט זייט ביי זייט מיט אַן אַרבייטער. דאָ איז מאַלווי, דער אינערן מיניסטער, און טאָמסאָן, דער האַנדעלס־מיניסטער, און אָגאַניע, דער פלאָטען־מיניסטער און אַלע איבריגע מיטגליעדער פון קאַבינעט. און פּאָול דעשאַנעל, פּרעזידענט פון דעפּוטירטען־קאַמער, און דיוקאָ, פּרעזידענט פון סענאַט, און פּישאָן, דער שליח פון פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. ווייטער גענעראַל פּעדואַ, קאַפּיטאַן זשעראַר, דער געוועזענער פּרעפעקט אַנדריע, דער בעקאַנטער פּאַציפיסט סענאַטאָר עסטונעל דע קאָנסטאַן מיט זיינע קאָלעגען שטרויס, שעראָן און ז. וו. ווייטער דער אַקאַדעמיקער מאַריס וואַרעס, דער פּרעזידענט פון דער פּאַטריאָטען־ליגע און שטענדיגער מיטאַרבייטער פון „עקאָ דע פּאַרי", דער קאָנסערוואַטיווער דעפּוטאַט לעמאַרשאַן, די ראָמאַניסטין סעווערין און פיעלע אַנדערע און ארום און ארום טויזענדער און טויזענדער פּשוט'ע אַרבייטער מיט אונבעוואוסטע נעמען, נור מיט געזיכטער, וואָס דריקען אויס די גרויסקייט און די קראַפט פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט, מיט אויגען פערנעבעלטע, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָב דער צער פון די פאָלקס־מאַסען, דער ערנסט און דער טראַגיזם פון דעם איצטיגען שווערען מאָמענט.

דער ארון איז שוין אויפ'ן קאַטאַפאַלק. רענאָדעל, זשאָרעס'עס פריינד, דער הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר פון „ל'הומאַניטע", רופט ארויס די רעדנער איינעם נאָך'ן אַנדערן.

דער ערשטער קומט ארויף אויף דער טרי־

בונע דער פּרעזידענט פון מיניסטאָרען־ראט וויוויאני, אַ בלייכער, קוים וואָס ער בעהערשט זיך. ער נעהמט רעדען, גיכער לעזען אַ רעדע, וועלכע איז פריהער פערשטעהט זיך גוט געהייסען געוואָרען פון דער רעגיערונג, אָבער ער לעזט עס מיט אַזוי פיעל נשמה, אַז אַלע וויינען. ער דערצעהלט, ווי אַזוי דאָנערשטאג האָט איהם זשאָרעס בעזוכט אין מיניסטעריום און ווי אַזוי ער האָט זיך געבעטען מיט זיין שטאַרקער און צוגלייך האַרציגער שטים צו טהאָן אַלעס מעגליכעס אויפצוהאַלטען דעם פריעדען. „פערזענליך פערליר איך אין איהם אַ פריינד — האָט געזאָגט וויוויאַני — דאָס לעבען, וואָס האָט אונז אַמאָל פעראייניגט אין אינטימער פריינדשאַפט, האָט אונז דערווייטערט איינעם פון אנדערן אין די לעצטע יאָהרען. אָבער זיין האַרץ, זיין כאַראַקטער, זיין טיעפע מאָראַלע פערזענליכקייט, זיין איינפאַך און עהרליך לעבען, וואָס איז אין גאַנצען געווידמעט געווען דער פפליכט, דער שליחות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצופיהרען, זיין אונערמידליך דיענען די אונטערדריקטע, זיין אָפּפערן זיך פאַר זיי — דאָס אַלץ האָט געוועקט אונזער אַלעמענס אַכטונג צו איהם... האָט זשע איינזעהעניש מיט מיר, ווען איך קען אין דיזער רגע מיין אויפרעגונג ניט דערשטיקען אין זיך. צווישען אָט די בלומען, וואָס זייער לעבען איז אַ שעה, לייג איך אַריין אַ בוקעט, און צוזאַמען מיט זיין דופט וועט זיך אויסוועבען דער דופט פון אונזערע צוזאַמענפערבראַכטע יוגענד־יאָהרען.

די געשיכטע וועט בעשטימען דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט פערנומען אין'ם לעבען פון פראַנצויזישען פאָלק. איצט, אין דיזע שטונדען, וואָס זיינען אַזוי קורץ אין אנגעזיכט פון די געשעהניסען, וואָס וויקלען זיך פונאַנדער, אין דיזע איינציגע פּאָאר שטונדען, וואָס מיר קענען נאָך אַוועקגעבען פאַר פערזענליכען און געזעלשאַפטליכען טרויער, דריק איך אויס עפענטליך אין נאָמען פון דער רעגיערונג פון דער רעפּובליק אונזער אויפריכטיגע אַכטונג צום געשטאָרבענעם. דאָ, פאַר דיעזען אָרון, וואו עס רוהט אַטעמלאָז דער ליידענשאַפטליכסטער פון אַלע מענשען, ביים אָנבליק פון דיעזען פערגליווערטען פנים, פון דיזע פערלאָשענע אויגען, פון די אויף אייביג פערשלאָסענע ליפּען, רוף איך אַלע פראַנצויזען צו איינינקייט, צו נאַציאָנאַלער זעלבסט־בעהערשונג. און ווען דער גרויסער טריבון וואָלט געקענט אויפשטעהן פון קבר, וואָלט ער אייך אויפגעפאָדערט דאָסזעלבע צו טהאָן“.

אַרונטערגעהענדיג פון דער טריבונע, איז וויוויאַני געבליבען שטעהן בעוועגלאָז ביי איינעם פון איהרע ווינקלען. פון די פערמאַכטע אויגען האָבען זיך געגאָסען טרעהרען. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער צוגעגאַנגען צו מאַדאַם זשאָרעס און איהר אַרומגענומען.

דערנאָך רעדט דער דעפּוטאַט בראַק אין נאָמען פון דער רעדאַקציאָן פון „הומאַניטע“. ער זאָגט, אַז ביז דער סאַמע לעצטער מינוט האָט זשאָרעס און דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז פריעדען איז נאָך מעגליך. „דער שיקזאַל האָט אַנדערש בעשלאָסען, און איהר דאָ פערזאַמלענדיג זיך אַרום זשאָרעס'עס אָרון, פערזאַמעלט איהר זיך דאָס אַרום דער פראַנצויזישער רעפּובליק, אום ניט צו דערלאָזען, אַז זי זאָל אומקומען“ — ענדיגט בראַק אונטער אַלגעמיינע אַפּלאָדיסמענטען.

דערנאָך רעדט פערדינאַנד ביוסאָן אין נאָמען פון דער „ליג פון מענשען־ און בירגער־רעכט“, עסטורנעל דע־קאָנסטאַן אין נאָמען פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער שיעדס־געריכט קאָמיסיאָן, דער אַרבייטער פראַסאַן אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטיווען, מאַרסעל סאַמבאַ אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציאָן אין פּאַרלאַמענט, עדואַרד וואיאַן אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער גרייז־גראָהער קאָמונאַר, דער אַלטער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע, וואיאַן, וועלכער האָט נאָך מיט עטליכע טעג צוריק גערופען צו אַ גענעראַל־סטרייק בעת מלחמה, ער רופט איצט די חברים זיי זאָלען שטעהן צוזאַמען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט „אין נאָמען פון פאַטערלאַנד, רעפּובליק און רעוואָלוציאָן“.

לואי דיברעל, דער פאָרשטעהער פון אַדמיניסטראַטיווען קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וועיזט אָן אין זיין רעדע, אַז זשאָרעס האָט זיין לעבען לאַנג געקעמפּפט פאַר פריעדען. ער איז געפאַלען אַ בעזיעגטער אין דיזען קאַמפּף, און מיט איהם צוזאַמען איז בעזיעגט געוואָרען די פּאַרטיי. דאָס לאַנד שטעהט ביים שוועל פון אַ מלחמה. ...„אָבער ווען זשאָרעס וואָלט געווען צווישען אונז, וואָלט ער אונז אַלעמען גערופען אין שלאַכט, און מיט זיין מעכטיגען רוף וואָלט ער צונויפגעזאַמעלט אַלע לעבעדיגע כוחות פון לאַנד און ער וואָלט פערטיידיגט פראַנקרייך מיט טיעפער איבערצייגונג, אַז דאָס פערטיידיגט ער דעם ערהאַבענעם אידעאַל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי“.

אַ מערקווירדיגע רעדע, לויט איהר שעהנקייט און קראַפט, האָט געהאַלטען דער בעלגישער דעפּוטאַט הויסמאַנס, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען בוראָ און אין נאָמען פון אַלע סעקציעס פון אַרבייטער־אינטערנאַציאָנאַל. זיין רעדע מאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף אַלע צוהערער. איך וועל איהר בריינגען פון אָנהויב ביז'ן סוף:

„אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען בוראָ דריק איך אויס פאַר אייך

דעם טיעפען צער פון די אַרבייטער און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער.

„אויפ'ן ערד־קוגעל זיינען מיר צעהן מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבייטער, פאַר וועלכע דער נאָמען זשאָרעס איז געוועזן די איידעלסטע און שעהנסטע פערקערפּערונג פון סאָציאַליזם.

„דער זשעני פון זשאָרעס לאָזט זיך ניט אַריינשפּאַרען אין די גרענעצען פון איין פּאַרטיי. ער איז ניט געוועזן דער מאַן פון א סעקטע. ער איז אַפילו געוועזן מעהר פון א פאָרשטעהער פון איין קלאַס, ער סימבאָליזירט א גאַנצע עפּאָכע. ער פלעגט ניט נור בעלייכטען און לייטערן די געדאַנקען פון זיינע חברים, די שטראַהלען פון זיין זשעני זיינען געפאַלען אויף אויף זיינע געגנער. זיין פּלוצלינגער טויט איז א נאַציאָנאַלער אומגליק, וואָס אין זיין גאַנצען גרויס קען עס נור פיהלען פראַנקרייך אין איצטיגען מאָמענט.

„אָבער זשאָרעס האָט ניט נור געהערט צו פראַנקרייך. ער האָט געהערט צו אַלע נאַציאָנען. „דער אָנוועהר פון זשאָרעסען איז אַן אייראָפּעאישע קאַטאַסטראָפע“ האָט נעכטען געשריבען איינער פון די הויפּט־אָרגאַנען פון דער ענגלישער פּרעסע. דיעזער זאַץ איז ריכטיג. דיזע ווערטער זיינען פּינקטליך. זשאָרעס'עם טהעטיגקייט האָט דערגרייכט ווייטער פון די גרענעצען פון זיין פאַטערלאַנד. איך דענק איצט וועגען דעם, וואָס ער איז געוועזן פאַר די קליינע נאַציאָנען, פאַר די אָפּפער, וואָס זיינען פערפאָלגט געוואָרען, פאַר די שוואַכע, וועלכע מען האָט אונטערדריקט, פאַר די אַרמענער, אויף וועלכע מען האָט געמאַכט שחיטות. איך דערמאָהן זיך, וואָס ער איז געוועזן פאַר די אַרבייטער פון אַנדערע לענדער אין די ראָלע, וואָס ער האָט געשפּיעלט אויף אונזערע קאָנגרעסען, וואו זיין וואָרט האָט געהאַט די וואָג פון צעהן נאַציאָנען. איך זעה פאַר זיך די אויסלענדישע דעלעגאַטען, ווי זיי וואַרטען, אַז זשאָרעס זאָל זיך אַרויסזאָגען, איידער זיי וועלען ענדגילטיג בעשליעסען ביי זיך אָנצונעהמען די אָדער יענע שטעלונג, און אַפילו ווען די דעלעגאַטען פלעגען מיט איהם ניט מסכים זיין, האָבען זיי אויך געזוכט צו צוקומען נעהענטער צו זיין אנשויאונג. ווייל זיי האָבען געפיהלט, אַז זשאָרעס'עם א וואָרט ענטהאַלט מעהר ווי דאָס, וואָס מענשען זוכען איינער ביים אַנדערן — דעם רעלאַטיווען אמת.

„ער איז געוועזן מעהר פון אַן אַרטיסט, ער איז געוועזן מעהר פון דעם „ו ו אָ ר ט“, ער איז געוועזן מעהר פון א ר ע ד נ ע ר, ער איז געוועזן דאָס ג ע ו ו י ס ע ן, ער איז געוועזן א מאָראַלישער אוצר. און ער האָט אויך געקענט געבען א ביישפּיעל פון אונטערוואַרפען זיך דער דיסציפּלין. ער איז געוועזן גלייך צו יענע פינלענדישע דעמבעס, וואָס זיינען הויך ווי די מאַסטען און וואָרצלען פעסט אין דער ערד און וואָס קענען בויגען זייערע שפּיצען ביז צו זייערע וואָרצלען און זייער בויגיגקייט פערדאָפּעלט נאָך זייער קראַפט.

„איך נעהם זיך ניט אונטער צו בעשרייבען פאַר אייך די פערצווייפלונג, וואָס זיין טויט האָט אַרויסגערופען אין פּראָלעטאַריאַט. אין מיין לאַנד, וואו איהם איז באַשערט געוועזן צו האַלטען זיין לעצטע גרויסע רעדע פאַר אַן איבערפילטען זאַל מיט טויזענדער צוהערער, האָב איך געזעהן אַלטע פּאַרטיי־טהוער, וועלכע האָבען געוויינט ווי קינדער ביי דער ידיעה פון זיין ערמאָרדונג. זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפען, ווי אַזוי האָט זיך געפונען א קינד פון א פרוי, וואָס זאָל וואַגען צו פערגיסען דאָס בלוט פון דעם איידעלסטען צווישען מענשען.

„זשאָרעס איז אומגעבראַכט געוואָרען, ווי שומייער מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק אין וויען. א קריסטליכער סאָציאַליסט, אויפגעהעצט דורך דער רכילות־אַגיטאַציע פון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, האָט אויסגעשאָסען פון הינטען אין עסטרייכישען דעפּוטאַט און איהם דורכגעלעכערט דעם מוח.

„דער מאָרד האָט זיך איבערגע'חזר'ט אין פּאַריז כמעט אונטער דיזעלבע אומשטענדען, אין ברען פון די צואווילדעטע ליידענשאַפטען, און אפשר אויך צוגעגרייט פון עהנליכע מענשען און גרופּען.

„זשאָרעס איז פון אונז אַוועק אין א מאָמענט, ווען גאַנץ אייראָפּאַ שטעהט אין סכנה אומצוקומען אין שרפות און רציחות...

„דער מאָרד פון דעם גרעסטען בירגער איז געוועזן ווי אַן אָנזאָג, אַז די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפע קומט אָן. דאָס שיקזאַל האָט ווי געשאַנעוועט זשאָרעסען און פערשלאָסען זיינע אויגען, זיי זאָלען ניט זעהן די באַרבאַרישע בילדער. עס וואָלט געוועזן א צו שווערער נסיון פאַר דעם האַרטנעקיגען אָפּטימיסט, וועלכער ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך האָט אַלץ געגלויבט, אַז סוף כל סוף וועט דאָך זיעגען די פערנונפט און דער געזונדער מענשען־פערשטאַנד.

„ער איז פערשוואונדען ווי א בליץ, אָהן וויהטאָג און ליידען. ער איז געוועזן פערנומען מיט א געשפּרעך. ער האָט גוטמיטיג זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון פריינד. פּלוצלונג האָט א פערברעכערישע האַנד הינטער איהם אַראָבגעלאָזען דעם הענדעל פון א רעוואָלווער. און ער איז שטיל געפאַלען אויף דער ברוסט פון חבר. דער מערדער האָט זיך געצילעוועט אין קאָפּ. מיט איין קלאַפּ האָט ער צושמעטערט דעם פיינסטען, דעם קאָמפּליצירטעסטען געהירן, א פּראָדוקט פון דריי דורות הויך־אינטעליגענטע מענשען, א געהירן, וואָס איז געוועזן א וואונדער פון וויסענשאַפטליכער פּינקטליכקייט,

א קוואַל פון מענשען־פרייד, א פלאַקער פון
ברודער־ליעבע״.

דיזע רעדע, ניט קוקענדיג אויף איהר טראַ־
גישען אינהאַלט, איז עטליכע מאָל איבערגעריר־
סען געוואָרען פון דונערנדע אפּלאַדיסמענטען.
אָבער דעם געוואַלדיגסטען איינדרוק האָט געמאַכט
די רעדע פון דעם בעקאַנטען סינדיקאַליסט, דעם
הויפּט־סעקרעטער פון דער אַלגעמיינער פעדעראַ־
ציע פון אַרבייט — זשוּאָ. די רעדע האָט גע־
מאַכט איינפאַך ציטערן די צוהערער. פון אָנ־
הויב רעדט ער דורך שלוכצען און געוויין. קוים
וואָס מען קען זיך פונאַנדערקלייבען אין זיינע
ווערטער, בעגרייפען דעם זין פון זיינע ווערטער.
ביסלעכווייז ווערט זיין שטימע פעסטער. ער
שיקט זיין לעצטען „אדיע״ זשאָרעסען, ער דער־
קלערט, פאר וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט אזוי
געליעבט און פערגעטערט זשאָרעסען. אַלע, ווי
איינער, פיהלען בחוש, אַז דיעזע איינפאכע ריה־
רענדע רעדע שטעלט זיך צונויף פון זיך אַליין,
אַז זי איז מעהר פון טיעפער, איידעלער רעדענס־
קונסט, אַז זי איז א געשריי פון דעם אָנגעוועה־
טאַגטען הארצען פון פּראָלעטאַריאַט, דער
פאָלקס־יאמער, וואָס רייסט זיך אַרויס דורך
זשוּאָ׳ס מויל:

„נו, וואָס זאָלען מיר זאָגען אין דיזער מי־
נוט, ווען מיר שטעהען פאר אַ קבר, וואָס עפענט
מיט זיך אַ רייה פון הונדערט טויזענד קברים?
— שרייט אויס זשוּאָ — וואָס זאָלען מיר זאָגען
אין אונזער אוּנענדליכען צער? זשאָרעס איז
געווען אונזער געדאַנק, אונזער לעבעדיגע לעהרע,
אין זיין געשטאַלט, אין דער עראינערונג אן איהר
וועלען מיר שעפּען און שעפען כוחות אין דער
צוקונפט.

„פיעלע האָבען געמיינט, אַז מיר זיינען גע־
ווען זשאָרעסעס געגנער. אך, דאָס איז געווען
אַ טעות אזוי צו דענקען. ער איז פאר אונז
געווען די פערקערפּערונג פון אייביגער בעוועג־
גונג, פון קיינמאָל זיך ניט אָבשטעלענדער טהע־
טיגקייט. יאַ, אמת, עס זיינען צווישען אונז
געווען מיינונגס־פערשיעדענהייטען אין די פראַגען
פון טאַקטיק. אָבער אונזער טהאָן און זיין טהאָן
האָבען זיך גענייטיגט איינס אין אנדערן, זיי
האָבען זיך געגענזייטיג גאַנץ געמאַכט. זיין אינ־
טעלעקטועלע ארבייט האָט געטריבען אונז צו
ענערגישער טהעטיגקייט. דוקא מיט איהם האָ־
בען מיר זיך געפונען אין אַ שטענדיגער אידעען־
געמיינשאַפט.

„זשאָרעס איז געווען אונזער שטיצע אין
אונזער לײדענשאַפטליכען קאַמפף פאר דער
ערהאַלטונג פון פריעדען. ניט זשאָרעס׳עס
שולד, וואָס דער פריעדען האָט ניט געזיעגט.
פּלוצלינג ברעכט אויס די מלחמה. איידער איך
געה זיך בעטייליגען אין דער גרויזאַמער שלאַכט,
ערקלער איך פאר דעם ארון פון אונזער לעהרער
און ברודער, אין נאָמען פון די ארבייטער, וועל־
כע זיינען שוין אַוועק, און אין נאָמען
פון די, וואָס וועלען די מי־
נוט אַוועק, וואָס איך בין
אין זייער צאָהל, אַז געהענדיג אויפ׳ן
שלאַכטפעלד, אום אָבצוטרייבען דעם אָנפאַ־
לענדען שונא, זיינען אונזערע הערצער ניט
ערפילט מיט האַס צום דייטשען פאָלק, נור
צום דייטשען מיליטאַריזם. מיר וועלען זיין
כאַלדאַטען פון פרייהייט, וועלכע ברייגנען פריי־
הייט צו אַנדערע פעלקער. מיר וועלען קעמפּפען
געגען דעספּאָטיזם.

„יאַ, זשאָרעס, די עראינערונג אן דיר וועט
אונז ניט פערלאָזען און זי וועט אונז העלפען
אין דעם שרעקליכען קאַמפף, וואָס שטעהט אונז
פאָר, און זי וועט אונז געבען כוחות צו זיעגען.
דיין געשטאַלט וועט אונז לייכטען ווי אַ פאַקעל
און קיין שטורם וועט איהם ניט פערלעשען. און
מיר וועלען ניט פערלירען אונזער גלויבען אין
אינטערנאַציאָנאַל, וואָס וועט געבען פרייהייט
צו די, וואָס וואַרטען אויף איהר . . .״

זשוּאָ ענדיגט זיין רעדע מיט דיזע ווער־
טער און אַלע גיבען זיך אַ וואָרף צו איהם. מען
דריקט איהם די הענד, מען אומאַרמט איהם. עס
רינגלען איהם אַרום מענשען פון פערשיעדענע
אנזיכטען און פערשיעדענע שטאַנדען. איך הער
אַ סענאַטאָר אויסשרייען: און אָט דיעזען
בראַווען יונג האָבען מיר געוואָלט פערשפּאַרען
אונטער שלאָס און ריגעל.

אין דיעזען מאָמענט דוכט זיך, אַז גאַנץ
פראַנקרייך איז איינס, אַז זי ווייס ניט פון פער־
שיעדענע קלאַסען, מיט פערשיעדענע אינטערע־
סען, ווייס ניט פון קיינע פּאָליטישע פּאַרטייען
מיט ענטגעגענגעזעצטע פּראָגראַמען.

די רעדען זיינען געענדיגט. מען הויבט
לאַנגזאַם אויף דעם ארון און מען שטעלט איהם
אַרויף אויפ׳ן בעשיידענעם טרויער־וואַגען. און
אונטער דער אַנפיהרערשאַפט פון רענאַדעל און
אנדערע פּאַרטיי־חברים בילדעט זיך ווידער אַ
פּראָצעסיע. זי בעוועגט זיך לאַנגזאַם דורך דעם
מענשען־געדרענג, איבער גאַסען און בולווארען.
פאָראויס דריי קאַרעטען מיט קרענץ: פון דער
רעדאַקציע „הומאַניטע״, פון דער איטאַליענישער
סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מיט דער אויפשריפט:
דעם גרויסען מאַרטירער, — פון דער רוסישער
סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — דעם גרוי־
סען אַפּאָסטאָל פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַ־
ליזם, פון „לאַ־גער סאָסיאַל״ א. ז. וו.

הינטער די קאַרעטען געהען זשאָרעס׳עס
זוהן, דער יונגער לואי, — אַ פערשטיינערטער —
קוים וואָס ער בעוועגט זיך, און אַלע איבריגע
מיטגליעדער פון דער פאַמיליע, אויסער זשאָ־
רעס׳עס געליעבטעסטען ברודער, דער וויצע־אַד־
מיראַל זשאָרעס, וועלכער געפינט זיך איצט אויף
זיין פּאָסטען אין האַפען פון שערבורג. נאָך זיי
קומען די פיעלע סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס

מיט רויטע פאָהנען. ווייטער געהען דעפּוטאַטען. די רוסישע סאָציאַליסטישע קאָלאָניע פון פּאַריז, וועלכע האָט זשאָרעסען ליעב געהאַט גאָר אָהן אַ ברעג, איז פערטרעטען אויף דער לויה כמעט דורך אַלע איהרע מיטגליעדער. די מחנות מענשען, וואָס בעגעגנען זיך מיט דער פּראָצעסיע, געהען פאַרביי מיט בלויזע קעפּ. באַטאַלאָנען סאָלדאַטען, וואָס וועלען היינט מאָרגען אַוועק צו דער גרענעץ, סאַלוטירען דעם געפאַלענעם רעוואָלוציאָנער. ביי פיעלע סאָלדאַטען ווייזען זיך טרעהרען. דורך די רייהען טראָגט זיך פונאַנדער אַ געשריי: הורראה פאַר זשאָרעסען, הורראה פאַר פראַנקרייך! דער געשריי ווערט אונטערגעכאַפּט פון המון און ווערט ווידערהאָלט עטליכע מאָל.

די פּראָצעסיע מאַרשירט פאַרביי די דעפּוטירטען־קאַמער. אָנקומענדיג אויפ'ן בריק פון קאָנקאָרד געהט זיך די פּראָצעסיע פונאַנדער, לויט דער פּראָגראַם. עס בלייבט אַ קליינער קרייז — די פאַמיליע, די מיטגליעדער פון דער רעדאַקציע „הומאַניטע" און איינציגע אינטימע פריינד פון זשאָרעסען. דער טרויער־וואַגען פאָהרט לאַנגזאַם צום וואַקזאַל אָרסעי. אום איינס נאָכמיטאַג ווערט דער ארון אַרונטערגענומען פון קאַטאַפאַלק און איינגעשלאָסען אין אַ פערפלאָמבירטען וואַגאָן, וואָס דאַרף אַוועקפיהרען די רעשטען פון גרויסען מאַרטירער און נביא פון סאָציאַליזם אין קאַרמאָ, דעם פּלאַץ פון זיין אייביגער רוה. די פריינד און די נאָהענטע מיטאַרבייטער געהען צום לעצטען מאָל פאַרביי דעם ארון פון דעם יעניגען, וועמען זיי האָבען אַזוי הייס געליעבט, וועלכער איז געווען זייער טייערער לעהרער, זייער טרייער ברודער, שטעלען זיך אָב ביי די מיטגליעדער פון זשאָרעס'עס משפחה, פערבייגען זיך נידריג און צוגעהען זיך.

מיט זשאָרעסעס ארון פערשווינדען די גאָלד־שטראַהלענדע קינדהייטס און יוגענד־טרוימען, מיט וועלכע מיר האָבען זיך אַזוי צוזאַמענגעלעבט, זיי פערשווינדען ווי שוואַלבען פאַר אַ שטורם. פאַר דער צופייניגטער נשמה טראָגען זיך פאַרביי די בילדער פון אַלע גרויסע לויות, וואָס איך האָב ביינעוואוינט: די לויה פון לואיז מישעל, וועלכע די פראַנצויזישע אַרבייטער־מאַסע האָט אַזוי געליעבט — מענשען גאָר אָהן אַ צאָהל האָט די מאַסע אַרויסגעשיקט די לויה צום בית־עולם צו בעגלייטען; ווייטער די איינדרוקספולע לויה פון גערשוני, וועמעס קערפּער איז געהיים אַריבערגעבראַכט געוואָרען פון דער שווייץ — צו געזעגנען זיך מיט איהם אויפ'ן בית־עולם פון מאָנפּאַרנאַס זיינען געקומען טויזענדער רוסישע עמיגראַנטען, די גאַנצע רוסישע סטודענטענשאַפט, דער גאַנצער רוסישער, אידישער, פּוילישער פּראָלעטאַריאַט פון פּאַריז; די לויה פון פראַנציסק פּרעסאַנסע און פון פיעלע אַנדערע געפאַלענע קעמפּפער.

אָבער ניט ווי אַלע לויות איז די לויה געווען. יעמאָלט איז דער וועהטאָג איבער דעם פריהצייטיג אומגעקומענעם חבר געמילדערט געווען פון דעם גלויבען אין אַ בעסערע צוקונפט, וואָס דאַרף גאָר אין גיכען אָנקומען. יעדעסמאָל איז די טרויעריגע פּראָצעסיע גלייכצייטיג געווען אַ פייערליכע דעמאָנסטראַציע פון דער מאַכט פון די סאָציאַליסטישע אידעען, פון דער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג — מיר האָבען מושטירט אונזערע באַטאַליאָנען און זיי פערמעהרט. אַ האָפנונג האָט געשוועבט איבער דעם טרויער, אַז באַלד וועט טריאומפירען די זאַך, צוליעב וועלכער דער געשטאָרבענער האָט געליטען, און אַלע האָבען מיר געפיהלט, אַז ער איז גייסטיג נאָך צווישען אונז און וועט לאַנג נאָך בלייבען צווישען אונז, אַלץ איינס צי דער חבר האָט אַ גרויסען חלק געהאַט אין דער אַלגעמיינער אַרבייט, צי ניט. אָבער דאָ מוזען מיר אָפענהערציג זאָגען: זשאָרעס איז ניט דערביי געווען אויף זיין לויה, וואו אַזוי פיעל טרעהרען איז פערגאָסען געוואָרען, אַזוי פיעל ריהרענדע רעדען זיינען געהאַלטען געוואָרען איבער איהם. זיין מעכטיגער קול האָט זיך ניט געטראָגען אין דער לופט איבער דער דערשלאָגענער מאַסע, איבער אונז אַלעמען, וואָס מיר האָבען געקלאָגט אויף אונזער גרויסען שאַדען. מיר האָבען ניט געפיהלט די נאָהענטקייט פון געשטאָרבענעם, אַזוי ווי מיר האָבען עס געפיהלט אויף די לויות פון לואיז מישעל, בעבעל, זינגער און פיעלע אַנדערע גרעסערע אָדער קלענערע טהוער פון דער רעוואָלוציע. וואָרום?

זשאָרעס איז געווען ניט נור אַ פראַנצויזישער פּאַטריאָט, אַ פראַנצויזישער סאָציאַליסט, פריהער פון אַלץ איז ער געווען דער מעכטיגסטער, איידעלסטער פאָרשטעהער פון אינטערנאַציאָנאַל. דער גרויסער מאַן איז געווען איינע פון יענע זעלטענע פּערזענליכקייטען, וואָס זייער בעדייטונג און ראָלע וואַקסען אויס אונגעהייער אין מאָמענט פון גראַנדיעזע היסטאָרישע געשעהניסען. וואָס וואָלטען געווען מיראַבאָ, ראָבעספּיער אָהן דער גרויסער רעוואָלוציע? אַקוראַט ווי זיי וואָלטען וואַרטען אויף אַזעלכע אונגעוועהנליכע געלעגענהייטען. פנים אל פנים מיט דעם צושטערענדען שטורם, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט, וואָלט דער ריעז געפונען אַזעלכע ווערטער, וואָלט ער געמאַכט אַזאַ בעוועגונג, וואָלט ער געטהאָן עפּעס אַזוינס, אויף וואָס עס זיינען ניט פעהיג די קאַמפּער־מאָרעל'ס, די. געד'ס, די בראַק'ס, די סעמבאַ'ס, די גריפּועל'ס, די זשואָ'ס, די אַדלער'ס, די האַאזע'ס, די הואיסמאַנ'ס און די שיידעמאַנ'ס. די ווערטער אין די בעוועגונג וואָלטען אפשר ניט אָבגעשטעלט די קאַטאַסטראָפע, אָבער זיי וואָלטען

געראַטעוועט דעם כבוד פון אינטערנאַציאָנאַל. און אָט פאַרוואָס זשאָרעס האָט אונז געפעהלט.

בין־השמשות. איך זיץ אין מיין צימער. ווידער טראָגט זיך פערביי מיינע אויגען די גאַנצע טרויעריגע און פיעל־טויזענד־קעפּיגע פּראָצעסיע, ווי זי בעוועגט זיך לאַנגזאַם פון דער בעשיידענער ווילאַ אויף דער גאַס דע־לאַטור ביז'ן פּלאַץ קאָנקאָרד און פון דאָרט צום וואָקזאַל. איך זעה דעם וואָגען, וואָס טראָגט איצט זשאָרעס'עס ארון קיין טאַרן; עס שטעהען פאַר מיינע אויגען די אידעלע פּנים'ער פון די רעדנער, איך הער זייערע ליידענשאַפטליכע ווערטער. דער גרויזאַמער גאָט פון מלחמה שוועבט איבער'ן המון און טויזענדער בליקען, פול צער און צאָרן, זיינען אָנגעשטעלט אויפ'ן דעקעל פון ארון, וואו עס רוהט דער אַפּאָסטאָל פון פריעדען, און עס דוכט זיך, אַז דורכ'ן שווארצען ארון זעהען זיי פאַר זיך דעם גרענעץ פון פראַנקרייך, בעלאַגערט פון פאָלקען אָהן א צאָהל, זעהען זיי מיליאָנען שפּיציגע באַיאָנעטען און טויזענדער קופּערנע האַרמאַטען־שלונדען, זעהען זיי מחנות ראָבען, וואָס מאַנעווירען אין דער לופטען אין פאָרגעפיהל פון רייכען רויב... און איך הער אַלע ווילדע אָבקלאַנגען פון מעכטיגע געשרייען, וואָס טראָגען זיך איבער דעם פיעל־טויזענד־קעפּיגען המון: הורראָה פאַר זשאָרעסען! הורראָה פאַר פראַנקרייך!...

אָבער איך הער ניט דעם ניגון פון אינטערנאַציאָנאַל, דאָס ערשטע מאָל הער איך איהם ניט אויף דער לויה פון א פראַנצויזישען סאָציאַליסט. וואָס פאַר א זשעני, וואָס פאַר א דורכדרינגליך אויג האָט עס געקענט פאָראויסזעהן, אַז פאַר'ן קבר פון איינעם פון די גרעסטע פאָרשטעהער פון אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט וועט פערגעסען ווערען דאָס מעכטיגע פראַנצויזישע ליעד, דער הימן פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט, דאָס ליעד, וואָס איז אַזוי געוועזן צום האַרצען אונזער פריהצייטיג אומגעקומענעם חבר און פיהרער.

די קומענדע געשעהניסען וואַרפען שוין אָב זייער שוואַרצען שאָטען אויף דער געגנוואַרט.

צוזאַמען מיט'ן קערפּער פון זשאָרעסען, בעגראָבט דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט, אפשר אויך דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט, דער גאַנצער היינטיגער דור סאָציאַליסטען אויף לאַנג אויף לאַנג דעם אינטערנאַציאָנאַל. און דערפאַר קלעמט דאָס האַרץ מיט אַזאַ אונאויסשפרעכליכען וועהטאָג, דערפאַר געהסטו אַוועק פון דער מאַיעסטעטישער און ריהרענדער לויה ניט מיט פערדאָפּעלטע קרעפטען, ניט מיט א נייער לוסט צו קעמפּפען פאַר דעם גרויסען אידעאַל, נור מיט א צושמעטערטער נשמה, מיט א צובראָכענעם ווילען.

איהר יוגענד־טרוימען, וואָס איהר זייט פערפלויגען ווי שוואַלבען פאַר'ן שטורם, וועט איהר זיך אומקעהרען צוריק, ווען דער רייסענדער שטורם וועט זיך אַוועקטראָגען, און די וואָלקענס וועלען זיך צושטרייען און ווען פון דער ערד, צואַקערט פון גראַנאַטען און שראַפּנעל, בעפייכטעט פון רויטע מענשען־בלוט, בעדעקט מיט צובראָכענע געוועהר און צופוילטע מענשען־ביינער, וועט אַרויסשפּראָצען א ניי לעבען?

דער צושטערענדער שטורם וועט טויטען די קערפּערס פון פיעלע און פיעלע צעהענדליגע טויזענדער עהרליכע און טרייע קעמפּפערס פאַר'ן סאָציאַליזם, וועט פערוויסטען די נשמות פון טויזענדער און טויזענדער חברים, וועלכע וועלען לעבען בלייבען אָדער וועלכע האָבען גאָר קיין אַנטייל ניט גענומען אין די ווילדע געשלעגען מיט באַיאָנעט, פייער און קויל. דאָך לאָמיר גלויבען, אַז עס וועלען נאָך פערבלייבען פעסטע אונבויגזאַמע שטרייטער, וועלכע אפילו אין מאָמענט פון דער שרעקליכסטער גייסטיגער קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן אויף אייראָפּאַ, וועלען, ווי די טיילנעהמער פון די אַמאָליגע גריכישע שפּיעלען מיט פאַקעלען, ניט אויפהערען איבערצוגעבען פון האַנד צו האַנד דעם פאַקעל פון סאָציאַליזם און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט. לאָמיר גלויבען, עס וועט קומען א צייט, ווען דער פאַקעל וועט זיך אָנכאַפּען מיט אַזאַ אונגעוועהנליך־העלען, מיט אַזאַ בלענדענדען שיין, אַז אפילו אין די פינסטערסטע קעמערלאַך פון בעוואוסטזיין פון די מאַסען וועט ליכטיג ווערען. און פאַלען וועלען דאַן די טויזענד־יעהריגע קייטען פון מאַטעריעלער און מאָראַלער קנעכשאַפט, און די מענשהייט וועט ענדליך אריינטרעטען אין קעניגרייך פון פערנונפט און פרייהייט, און אין יענעם קעניגרייך וועט קיין פּלאַץ ניט זיין פאַר מענשענהאַס, פאַר נאַציאָנאַלע און ראַסען־מלחמות, פאַר מלחמות צווישען מלוכה און מלוכה, ווייל עס וועלען אויך קיין קלאַסען־מלחמות מעהר ניט זיין.

ז. ברכות

אבו־שוואַרב

(נאָטיצען פון אַ אידישען יעגער)

אין איינעם פון די טעג, ווען די לופט איז מיט אַ מאָדנער ליידענשאַפט פול; ווען איבער דעם לויטערען גרויסען הימעל, ווי געדאנקען פון דעם בורא, טראָגען זיך קליינע וואָלקענדליך אַרום און פערהאַלטען זיך אויף די בערג פון יהודה; ווען די בערג־וואסער־פאַלען, וואָס זיינען נאָך די לעצטע רעגענס פערבליעבען, האָבען נאָך ניט פערענדיגט זייער פרעהליך־ליכטיגען טאַנץ; ווען אַלעס אַרום און אַרום איז בעגרינט און מיט אַ זילבערנעם זוים ארומגערינגעלט, ווען אפילו די שוואַרצע בערג מיט זייערע גרויסע שוואַרצע שטיינער קוקען עפּיס אויך פרעהליכער, ניט אָנגעבלאָזען — איז אין איינעם פון די טעג האָב איך פערבלאָנדזשעט אין דעם אויבערשטען גליל. ווי אַזוי איך בין אַהין געקומען איז פאר מיר אַליין אַ רעטעניש, ווייל געדארפט האָב איך זיין ביי דעם נהר ארנון זוכען די אייער פון דעם שוואַרצען קרָאה אָדער „הראב“, ווי די אַראַבער רופען דאָס, און איך בין גאָר אין גליל. און שולדיג אין דעם איז מיינער אַ פריינד אַ אידישער קאָלאָניסט אבו־שוואַרב, ווי די אַראַבער רופען איהם, דאָס הייסט דער טאַטע פון די וואָנצעס. און וואָנצעס האָט ער געהאַט אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען... שוין איין מאָל וואָנצעס! אַז ער פלעגט אַ נעהם טאָן גדלות'דיג אַ וואָנצע און פערלייגען זי הינטער דעם אויער האָט מען בעשיינפערליך געזעהען אַז דער מענש האָט וואָנצעס. און ער איז שולדיג אין דעם וואָס איך בין אין אויבערשטען גליל געקומען. די מעשה איז אַזוי געוועזן.

אין דער צייט פון רביה האָבען אַלע פויגעל אין ארץ ישראל אַ געוואוינהייט צו מאַכען נעסטען און אין די נעסטען לייגען אייער. די נעסטען מאַכען זיי אויף אַ בוים, אַ שטיין, אויף דער ערד. און אויך אין דער צייט איז אין ארץ ישראל פאראַן אַזעלכע מענשען, וואָס נעהמען די אייער פון די פייגלעך, מאַכען אין זיי לעכלעך, בלאָזען זיי אויס און שיקען אַוועק די ארץ ישראל אייער אין גאַנץ וועלט. און צוליעב די מענשען און צוליעב די אייער האָב איך געדארפט ביי דעם ארנון זיין.

פאַראַן פייגלעך וואָס מאַכען זייערע נעסטען און לייגען זייערע אייער אויף אַ בוים; קריכסט דו אַרויף אויפ'ן בוים, נעהמסט די אייער און פּטור אַ מעשה. עס גיט פייגלעך וואָס לייגען זייערע אייער אויף דער ערד, אונטער אַ שטיין, אַ קוסט. דאן איז נאָך בעסער— בויגסט זיך איין און פאַרטיג. אָבער פאַראַן פייגלעך ווי דער שוואַרצער „הראב“, צום ביישפּיעל, וואָס האָט זעהר אַ מאוס'ע געוואוינהייט צו לייגען זיינע אייער אויף אַזעלכע ערטער, וואו מען קען דאָס ניט געפינען, און אויף אַזעלכע פעלזען, וואו איינער אַליין קען מען גאָרנישט מאַכען און מען מוז נעהמען נאָך אַ מענשען מיט שטריק אויף וועלכע עס קומט אויס צו קריכען ווי אַ קלאָון אין צירק. און אָט די אייער האָב איך געדארפט נעהמען. און גראד ווי איך האָב מיך געקליעבען אין וועג אריין, האָט מיך מיין פריינד אבו שווארב דערזעהען און אַזוי געזאָגט:

— נעהמען די אייער איז נאָך פריה, ניט פערשפּעטיגען אפילו אין אַ וואָך אַרום, און צווייטענס וואָס דארפסטו געהן צו דעם ארנון, קום מיט מיר אין גליל. פון דאָרט וועסט דו פאָהרען אין דער ח ע מ מ ע און וועסט נעהמען די אייער. דאָרטען איז אויך דאָ בערג און אויך דער שוואַרצער קראָה.

געוועזן בין איך דאן אין פתח תקוה.

אָבער ווי וועל איך פאָהרען? —האָב איך מיך געלאָזט איבעררייידען — „איך בין דאָ מיט צוויי פערד“, האָט ער מיר קורץ געענטפערט. און דאָ האָב איך פארשטאַנען באַר וואָס ער האָט מיך אַזוי איינגערעדט, אַז איך זאָל מיט איהם פאָהרען. און אַזוי בין איך אין גליל געקומען.

שעהן איז דער גליל דעם גאַנצען יאָהר. אָבער נאָך שעהנער איז ער, ווען די וואסערען פון חאסבאַני צוגיסען זיך איבער דעם טהאָל חולי, וועלכער איז אָנגעטהאָן אין אַ גרין בעזילבערטען סאַמעט קלייד.

דרעמעלט דער אַלטער זיידע חרמון אונטער זיין ווייסע היטעל און אַזוי ווי ברוגז האָט ער

זיך פון דעם מענשענס אויגען אין זיין הויב בעדעקט. שאַרף, זעהר שאַרף, ווייט צוטראָגט זיך דער ברויזען און געשריי פון זיין אייניקעל דעם ירדן, וועלכער איז אין איין פערדרוס וואָס דער זיידע שלאָפט נאָך. אין זיין שטיעפעריש־אינגעלשען שפיעלען זיך וויל ער אויך דעם זיידען אויפוועקען. ער זאָל אויך מיטשפיעלען. דען פרעהליך איז די וועלט, ליכטיג שיינט די זון, ריין איז די לופט, און הילכיג ענטפערט דער ווידערקול.

די ערשטע נאַכט, נור ווי מיר זיינען אין דער קאָלאָניע אריין, אזוי האָט מען אונז גלייך מיט א ברוך הבא בעגעגענט, אז א האלבע טשערעדע פון אבו־שווארבס בהמות האָבען אראַבער צוגענומען.

„אין זייער גלויבען אריין!“ — האָט אבו־שווארב אין כעס א פינגער פערביסען.

— איך וויים, ווער האָט דאָס געטהאָן, — האָט ער זיך גלייך בערוהיגט. עס האָבען אָנגעהויבען קומען געסט — אידען, אראַבער און אויך די פאסטוכער, וועלכע האָבען דערצעהלט, ווי די זאַך איז געוועזן:

אין מיטען העלען טאָג זיינען אָנגעפאָהרען פינף רייטערס, אָפגעשניטען א האלבע טשערעדע און צום ירדן אוועקגעטריעבען.

— „דאָס זיינען „אנז“ — האָבען די פאסטוכער א סברה ארויסגעזאָגט.

— דאָס איז אבו־פארעס, ער איז ברוגז, וואָס איך האָב ביי איהם די שקאפע אָפגענומען, — האָט מיר אבו־שווארב מיט א שמייכעל געזאָגט.

— פאָהרסט מיט מיר די בהמות אָפנעהמען? — האָט ער מיך נאָך א קליינעם שווייגען געפרעגט. איך האָב מיט פרייד צוגעשטימט און מיר האָבען אונז אין וועג געגרייט.

— צו נאַכט זיינען מיר אראַבער און מיר וועלען אויך א ביסעל רויבען, — האָט ער צו מיר גוטמוטהיג געשמייכעלט, אנטהוענדיג די אראַבישע קליידער און דאָס טיכל איבער'ן נאָז, ביז די אויגען פערבונדען. מיר האָבען אָנגעהאנגען שווערדען, גענומען רעוואָלווערען מיט ביקסען, ער האָט אויך זיין „רומח“ (א שפיז) גענומען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין בעסטען פערד, וואָס נור א פערטעל קאָסט הונדערט לירעס. מיר האָט ער דעם רויטען לאשעק געגעבען און מיר זיינען ארויסגעפאָהרען.

די נאַכט איז געוועזן ניט קיין ליכטיגע און ניט קיין פינסטערע, נור א ארץ ישראל נאַכט. ווען אלעס זעהט מען גאנץ דייטליך — א העלע נאַכט. צווישען די בוימער, אויפ'ן וועג און אויך צווישען די מאנדלען, וואָס האָבען אזוי פער'שכר'ענד געשמעקט, איז זעהר שטייף די פינסטערניש געשטאַנען.

רוהיג מיט שטילע טריט זיינען די פערד געגאַנגען. אויפמערקזאם האָב איך מיך אומגעקוקט.

— האָב ניט מורא, די פערד וועלען אונז שוין אָנזאָגען ווען עפּיס וועט אויפ'ן וועג זיין, — האָט מיר אבו־שווארב שטיל געזאָגט, בעמערקענדיג מיין אונרוהיגקייט.

— וואָס איז? — האָט ער זיין שקאפע געפרעגט, וואָס האָט שטייף די אויערען אָנגעשטעלט און עטליכע אונרוהיגע טריט געמאַכט. נאָר גלייך איז זי ווייטער רוהיג אוועק.

— א שאקאל! — האָט אבו־שווארב בעמערקט.

זעהר ניט היימליך האָב איך מיך דאָ געפיהלט, איך וויים ניט פאר וואָס. געוואוינט בין איך מיט דער נאַכט און ליעב האָב איך זי און אלעס וואָס די נאַכט בריינגט און גיט. איך האָב ליעב דעם גרויסען ברייטען הימעל מיט די קליינע שטערענדלעך וואָס ווינקען אזוי גנבה'יש אין די בוימער־צווייגען. איך האָב ליעב דעם מילך־וועג און אויך די עגלה מיט די פלייאדען, וועלכע זאָגען אָן מיט זייער גאנג, ווען דער טאָג קומט אָן. איך האָב ליעב די פינסטערניש, וועלכע פעראייניגט די ערד מיט דעם הימעל, און ווער וויים וואָס פאר א סודות זיי פערצעהלען איינער דעם צווייטען. מיר הערען נאָר אונבעשטימטע קלאנגען, פער'כישופ'טע קולות און א שטילען גערויש.

און דאָך האָב איך זיך ניט היימליך געפיהלט. אויף אבו־שווארב האָב איך געקוקט. אונבעוועגליך איז ער אויף זיין פערד געזעסען, נאָר די לאנגע פיקע האָט צייטענווייס די בוימער פערטשעפעט, וועלכע האָבען איבער אונזערע קעפ געציטערט.

חלאַפ!... חלאַפ!... האָבען זיך פון דער ווייטען צוויי שאָס דערהערט.

די פערד האָבען אויפגעציטערט, מיט אָנגעשטעלטע אויערן זיינען זיי אומרוהיג ווייטער געגאַנגען.

אבו־שווארב האָט זיך טיעפער אין זאָטעל איינגעזעצט. די פיס אין די רייט־אייזענדלעך פאררוכט, אונטער זיך די אבאיע אונטערגערוקט, דעם ביקס פאר זיך, אויפ'ן זאָטעל, געלעגט און שטיל דעם פערד א טרייב געטהאָן.

פלוצים האָבען די פערד אָן א זייט א נעהם געטהאָן, די קעפ צו די מאנדלען געהאלטען און מיט די נעזלעכער געכראפעט. אונטער א בוים האָבען מיר א שאטען דערזעהען.

— מין האדא? (ווער איז דאָס?) — האָט אבו־שווארב געפרעגט. איך האָב מיין ביקס צוגעגרייט . . .

— מין האדא? — האָט ער ווייטער איבערגעפרעגט און מיט דעם אנגעבייגטען שפיז צום בוים א פאָר געטהאָן. דער שאטען איז אָבגעשפרונגען.

— ברוך הבא! אבו־שווארב? — האָט אונז דער שאטען בעגריסט.

— אָ, זאריף! ווי אַזוי קומסטו דו אהער? — האָט אבו־שווארב געפרעגט.

— איך בין די בהמות נאָכגעגאַנגען, — האָט זאריף געענטפערט — זיי זיינען ביי דעם ירדן, ביי די דריי דוימעס, העכער פון דעם מאַסקאַבים פּערמע.

— ווער היט זיי?

— דעם שעכס זוהן און סאַליעך אַקרוט—

אבו־שווארב איז פון׳ם פערד אראָבגעקראָכען, טיפער אין די ביימער אריינגעפיהרט און מיר האָבען זיך אויף דער ערד צוזעצט, די צוימען אין די הענד געהאַלטען. פון ערגיץ האָט זיך אַ ליעד דערטראָגען און שטיל צושוואומען געוואָרען . . .

— נאָך די בהמות וועלען מיר צום שעך פאָהרען? — האָט ווי צו זיך אַליין אבו־שווארב געפרעגט.

— אבו־פארעס איז ניטאָ און זיי וועלען דיר זאָגען, אז די „אנז" האָבען דיינע בהמות צוגענומען — האָט פון אונטער׳ן טיכל זאריף אויסגערעדט. — ער איז ברוגז פאר דער שקאַפּע — האָט ער ווייטער צוגעגעבען . . .

איך בין געזעסען און געשוויגען. פרעגען האָב איך ניט געוואָלט, אָבער פארשטאַנען האָב איך, אז דאָ איז אַ מעשה מיט אַ שקאַפּע. דעם נאָמען אבו־פארעס האָב איך אויך געקענט: דאָס איז געווען אַ שעך פון אַ שבט אראַבער, פאר וועמען די גאַנצע געגענד האָט מורא געהאַט. ער איז זעהר רייך געווען. אויך אַלע גנבים און רויבער פון דער געגענד האָט ער ביי זיך אויפגעהאַלטען און בעשיצט; און דערפאר זיינען זיי געווען גרייט צו געהן פאר איהם אין פייער און אין וואַסער.

— מיר געהען נאָך די בהמות, — האָט ענדליך אבו־שווארב געזאָגט.

— יאַלאַ, — האָט זאריף צוגעגעבען און מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען.

— אוי, פערפלוכטער אראַבער! איך וועל איהם שוין ווייזען . . . — האָט אבו־שווארב צארענדיג אויסגערעדט.

— וואָס איז דאָ צווישען אייך? — האָב איך געפרעגט.

— אַ אקרוט (ממזר) — האָט ער צווישען די צייהן געענטפערט, — פאר אַ יאָהרען רביה האָב איך ביי איהם מיין שקאַפּע מיט דעם לאַשעק געהאַלטען און ער האָט געוואָלט איך זאָל איהם אַ פערטעל געבען.

— איהר האָט זיך מיט אַ שלעכטען אראַבער פערקריגט, — האָב איך אויף דעם בעמערקט.

— עס מאַכט ניט, דו וועסט שוין זעהען, וואָס מיר וועלען איהם אָנטהאָן. יאַלאַ זאריף, — האָט ער דעם פערד אָנגעטריבען.

איך נאָך איהם, זאריף פאר אונז. און מיר זיינען אַוועק מיט דעם טראָט פון די אראַבישע פערד, וואָס קענען רוהיג אָבגעהן אַ שעה צוואַנציג און וואָס געהען איין זעהר פיעל. זאריף האָט זיין העמד פערהויבען.

צו דעם אָרט, וואו מיר האָבען געדאַרפט די בהמות נעהמען, איז געווען צוויי שעה פאָהרען און צוריק אויך צוויי און מיט די בהמות וואָלט נאָך פיעל מעהר געדויערט. די נאַכט האָט ניט געבאַפּט און מיר מוזען קומען פאַרטאָג אין קאָלאָניע, קיינער זאָל אונז ניט זעהען. איך האָב ניט געוואוסט, אז עס גיט אַ וועג מיט די בערג זעהר אַ נאָהענטער.

שטיל ווי שאָטענס האָבען מיר זיך געטראָגען. אפילו קיין פייערל האָט מען אין דער נאַכט ניט געזעהען. אַלע זיינען געשלאָפען. די וועגען זיינען געווען ליידיג. נאָר אין אַ נאָהענטען דאָרף האָבען שטאַרק די הינט געבולען און אויך ערגיץ־וואו האָט דער שאַקאַל געוויינט. דאָרט ווייט אין דער זייט פון דער אידישער קאָלאָניע יסוד המעלה האָבען זיך געשרייען און שיסעריי געהערט.

— גנבים, — האָט זאריף שטיל געזאָגט. די „אנז" האָבען צוויי טשערקעסען פון קענעטרא געשאָסען, — האָט ער ווייטער צוגעגעבען.

— אַללאַ, — האָט אבו־שווארב אַ קרעכץ געטהאָן.

— וואָס טהוט דער מאַסקאַבי ביי נאַכט? — האָט זאריף פערוואונדערט געזאָגט, ווען מיר זיינען פאַרבייגעפאָהרען אַ גרויסע ארומגעצוימטע געביידע, וואו אויפ׳ן הויף האָט מען אַ מענשען געזעהען.

מיך האָט געוואונדערט וואָס מיר זיינען אַזוי גיך געקומען.

— איך וועל געהן זעהן וואו עס געפינען זיך די בהמות — האָט אונז זאריף געזאָגט, ווען מיר זיינען אין די זומפּען אריינגעפאָהרען און אין די הויכע גראָז פערשוואונדען. מיר זיינען געבליעבען וואַרטען.

— און וואו וועט איהר די בהמות טרייבען? עס איז דאָך נאָך האַלבע נאַכט, — האָב איך אבו־שווארב געפרעגט.

— מיר וועלען זיי אין יסוד המעלה ביי דעם טשערקעס דעם וועכטער שטעהן לאָזען,— האָט ער מיר קורץ געענטפערט.

— מען וועט מיינען אויף די „אנז" — האָט ער ווייטער צו זיך אַליין געזאָגט, איינקוקענדיג זיך אין די זומפּען.

די בהמות זיינען אַליין, קיינער היט זיי ניט — איז נעבען אונז זאריף אויסגעוואַקסען.

— דו בלייב דאָ, און לאָז ניט געהן די בהמות צו דער פּערמע, — האָט מיר אבו־שווארב געהייסען בלייבען שטעהן און אַליין איז ער מיט זאריפ׳ן אריין אין די זומפּען.

אין אַ שטיקעל צייט ארום האָב איך דערהערט אַ רוישען אין די גראָז און ווען איך בין צוגעפאָהרען האָט איך פאר זיך די בהמות דערזעהען. צעהלען אין דער פינסטער האָב איך

ניט געקענט, נאָר איך האָב געזעהען על פּי ערך א צוואנציג קעפּ.

— צו די בערג! — האָט אָבגעהאַקט אבו־שוואַרב אַרויספּנ׳הרענדיג נאָך די בהמות און מיר האָבען זיי צו די בערג פערקעהרט. אין דרייען האָבען מיר געמאַכט אַ מין שטומפּיגען דריי־ווינקעל: אַבו־שוואַרב אין דער מיט, איך און זאַריף ביי די זייטען.

— אַיי, אַיי, אַו, אַו, — האָט אבו־שוואַרב אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען שאקאלען געוויין, אויף וואָס די שאקאלען האָבען גלייך געענטפערט. ערגעץ ווייט אין דער נאַכט האָט ניט אויפגעהערט אַ יונגער שאקאל צו וויינען.

— אקרוט! (ממזר), — האָט זאַריף אַ בורטשע געטהאָן.

טוק, טוק, טוק. מיר זיינען אין די בערג אַריינגעפאָהרען.

— עס איז שפּעט, מען מוז די בהמות איבער די זומפּפען צו דער קאָלאָניע טרייבען— האָט צו אונז אבו־שוואַרב געזאָגט. און מיר האָבען דאָס גלייך געטהאָן. מיר האָבען געהאַט אַ וועג אַז דער אויבערשטער זאָל שומר און מציל זיין. יעדע ווילע זיינען מיר אין אַן אנדער בלאָטע אַריינגעקראָכען. און איין מאָל בין איך מיט׳ן פערד אין וואַסער אַריינגעפאַלען.

ווי אַ משוגענער איז זאַריף אַרומגעלאָפען, מיט דער אבאיע אויף דער האַנד פערוויקעלט, און האָט ניט געלאָזט די בהמות אַן אַ זייט אָבקעהרען. ער שפּרינגט איבער די גריבער, געהט ביז׳ן האַלז אין וואַסער — און גאָר נישט!

נאָר אבו־שוואַרב זיצט רוהיג אויף זיין שקאַפּע, וועלכע געהט זעהר פאָרזיכטיג און צייטענווייז, מיט זיין שפּיז, טרייבט ער אונטער אַ בהכ״ה וואָס בלייבט פון הינטען.

מעהרער צרות פון אַלע האָט אונז דער שוואַרצער ביקל געבראַכט: ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט געהן גלייך מיט אַלע בהמות. אַלע ווילע לויפט ער אַן אַ זייט, און איך און זאַריף האָבען געדאַרפט נאָך איהם נאָכלויפען. און צו דעם איז מיין לאשאק אויך געווען זעהר אַ שרעקעדיגער. פאַר אַ ביסעל וואַסער, פאַר אַ גריבל, פאַר אַ בוים פלעגט ער זיך שרעקען און בלייבען שטעהן.

און איין מאָל האָט ער מיך במחילה אַרויפגעזעצט אויף זיין אייגענעם קאָפּ, נאָר על פּי נס האָב איך זיך איינגעהאַלטען און ניט אַריבערגעפלויגען גלייך אין דעם טיעפען קאַנאַל, וואָס האָט זיך אונטער זיינע פיס געעפענט.

און אַזוי זיינען מיר צו ביסלעך געגאַנגען, און די נאַכט איז אויך ניט געשטאַנען. אַ קאַלטער ווינטעל האָט שוין אָנגעהויבען בלאָזען. איבער׳ן הימעל זיינען שוואַרצע וואָלקענס געקראָכען און עפּיס מאָדנע שאַרף האָט זיך דער רוישען פון די ביימער געהערט. פיעל ניעדריגער זיינען מיר פון פריהערדיגען אָרט אויסגעקומען. ביי דעם רעכטען מי־מרום האָבען מיר די בהמות אין וואַסער אַריינגעטריבען. אבו־שוואַרב איז ווייט הינטער אונז געפאָהרען אַזוי ווי ער וואָלט אונז געהיט.

— היי יאַ וואַליאַד! (דו אינגעל), — האָט זיך אין די זומפּפען אַ געשריי צוטראָגען.

— היי יאַ העמדאַן אויענאָך! (היי חעמדאַן, וואו ביסט דו) — האָט זיך ווידער אין די זומפּפען געטראָגען.

אויענאָך יאַ אַקרוט? (וואו ביסטו אַקרוט), — האָט זיך פון אַ צווייטען זייט געטראָגען. — וואו זיינען די בהמות?

— דער שטן האָט זיי אין די זומפּפען פערטראָגען — האָט זיך אַ ענטפער דערהערט.

— וואו אין די זומפּפען? — האָט ווייטער אַ קול איבערגעפרעגט.

— אנא אראף (איך ווייס)? — האָט דער צווייטער געענטפערט.

גיך איז צו אונז אבו־שוואַרב צוגעפאָהרען און האָט אונז געהאָלפען די בהמות טרייבען. מיר זיינען הינטער דער קאָלאָניע. אבו־שוואַרב איז פאָראויס אַרויסגעפאָהרען און האָט אַרויסגעלאָזען אַ געלעכטער פון אַ פוקסעל, נור גלייך אָבגעהאַקט. און גלייך האָבען מיר דערהערט דאָס לויפען פון אַ פערד.

— מין האדא? — איז צו אונז אַ רייטער צוגעפאָהרען.

איבראַהים! — איז אבו־שוואַרב צוגעפאָהרען. — מען דאַרף ביי דיר די בהמות בעהאַלטען, הערסט? — האָט ער איהם אין דער זייט פון די זומפּפען געוויעזען, וואו די געשרייען האָבען ניט אויפגעהערט.

— טאיב! — האָט ער אויסגערעדט, און האָט אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען גרילצענדען פייף. פון אַלע זייטען קאָלאָניע האָט מען איהם געענטפערט.

— וויפיעל זייט איהר? — האָט איהם אבו־שוואַרב געפרעגט.

— צעהן.

— די „אנז" זיינען אויף יענער זייט?

—נעכטען זיינען זיי דאָ געווען, — האָט איבראַהים געענטפערט.

— וואָס וועט זיין?

— אַללאַ באַריף! (גאָט ווייס!) — און מען איז ווייטער געפאָהרען, איך מיט זאַריפ׳ן ביי די זייטען. איבראַהים און אבו־שוואַרב אין מיטען.

— פון די באסעם? (זומפּפען), — האָט איבראַהים אויף די בהמות געפרעגט.

— מיינע, — האָט אבו־שוואַרב געענטפערט. — אבו־פאַרעס האָט זיי ביי מיינע פאַסטוכער צוגענומען. און מעהר האָט מען שוין ניט גערעדט.

ווי עס ווייזט אויס איז שוין גאַנץ שפּעט געווען. דער הימעל איז געווען מיט וואָלקענס בע־

דעקט, אַז מען האָט גאָר נישט געזעהען. און מען האָט ניט געוואוסט וואו די נאַכט האַלט. עס איז אויך קאַלט געוואָרען.

— דו, זאַריף, וועסט קומען מאָרגען אין דער פריה. און איהר ווילט פאָהרען מיט מיר? — האָט מיר אַבו־שוואַרב געזאָגט, ווען מיר זיינען ביי דער קאָלאָניע געווען.

— איך פאָהר מיט אייך, — האָב איך נאָך איהם דעם לאַשאַק אַ טרייב געטהאָן. מיר האָט זיך געוואָלט זעהען מיט וואָס וועט זיך די גאַנצע מעשה ענדיגען. איך האָב געוואוסט, אַז אבו פארעס וועט ניט שווייגען.

— יאַלאַ, שנעלער! — האָט אַבו־שוואַרב די שקאַפּע אַ טרייב געטהאָן. שוין מיט׳ן פריה־מאָרגען זיינען מיר צו דער קאָלאָניע געקומען. פון הינטער דער קאָלאָניע, אַז קיינער זאָל אונז ניט זעהען, זיינען מיר צו זיין שטוב צוגעפאָה־רען, די אַרבייטער־אַראַבער די פערד אָב־געגעבען און אליין זיך שלאָפען געלייגט.

און אויף מאָרגען איז טאַקע געווען פרעה־ליך. פון גאַנץ פריה אָן איז דער גאַסטצימער פול מיט אַראַבער געווען, וועלכע זיינען אויף אַראַבישען אופן באַרוועסע און מיט די פיס אונ־טער זיך געזעסען, אויף די אָנגעוואָרפענע קישע־לעך און טעפּיכער. איינער האָט קאַווע געמאַכט און אַלעמען דערלאַנגט. אויפשטעהענדיג פון שלאָף האָב איך מיך געאיילט געהן זעהען וואָס דאָרט איז, נור אבו־שוואַרב האָט מיך אויפ׳ן וועג איבערגענומען עסען . . .

ברייטלעך איז אבו־שוואַרב ביי דעם טיש געזעסען מיט אַ גאַנץ היבשע משפחה קליינע קינדער. אבו־שוואַרב האָב איך ניט דערקענט. עפּעס די וואָנצעס האָבען שוין ניט געשטאָכען ווי ביי אַ גזלן און דער גאַנצער פּנים האָט זיך עפּעס געביטען: מען וואָלט גאָר ניט געקענט גלויבען, אַז דער מענש איז מיט׳ן ביקס אין האַנד גרייט געווען זיין האַב און גוטס אומ־קעהרען.

די בלאָנדע באָרד און וואָנצעס האָבען אַזוי פריעדליך זיין פּנים בעשיינט, וואָס האָט זיך אין גאַנצען געקנייטשט אונטער יעדען גע־לעכטערל. די אויגען האָט מען אפילו ניט גע־זעהען און פריעדליך האָט ער צו זיין קורצע, גראָבע ווייב געוואונקען ווען יענע פלעגט אויף די קינדער שרייען.

— טרינקט טהעע, גזלן, נאַכט־רויבער! איהר הערט? — האָט ער צו מיר געלאַכט און געוויזען אין דעם גאַסט־צימער, פון וואַנען עס האָט זיך אַ גאַנץ שטאַרקער זומען געהערט. — אַלע וועלען זיי היינט זיין. אַלע וועלען זיי קומען, זיי פערשטעהען אַז דאָס איז מיין אַר־בייט געווען. נאָר זיי וועלען זאָגען אַז די „אנז" האָבען עס געטהאָן.

געשווינד האָב איך מיט׳ן טהעע אָבגע־פּטר׳ט און אין דעם גאַסט־צימער אַריין. זאַ־ריפ׳ן האָב איך שוין דאָ געטראָפען. איך האָב אַלעמען בעגריסט. אַלע האָבען מיך בעגריסט. מיר האָבען זיך פון די ערטער געהויבען און ווייטער געגריסט. מיר האָט מען אויך אַ שאָל ביטערע קאַווע געגעבען און מען האָט ווייטער צווישען זיך שטיל גערעדט. אַלע ווילע פלע־גען זיי אויף דער טהיר קוקען, געוואַרט. און דאָ איז אבו שוואַרב אַריין. איך בין געבליע־בען זיצען, ניט געגלויבט מיינע אויגען.

אַלע אַראַבער ווי איינער זיינען פון די ער־טער אויפגעשטאַנען. געוואַרט ביז ער וועט צו יעדען צוגעהן און שלום אָבגעבען. איינינע האָבען אפילו אַ פּאָר טריט איהם אנטקעגען גע־מאַכט.

ברייטלעך האָט ער זיך אויף די קישלעך צוזעצט. גלייך האָט מען איהם אַ שאָל קאַווע אונטערגעטראָגען, אַ נאַרגילע געמאַכט און נאָך זיינע רייד האָט מען געזעהען, אַז ער איז גוט בעקאַנט מיט די אַלע אַראַבער.

ביי איינינע אַראַבער האָט ער געפרעגט וואָס מאַכט אבו־פארעס. און גלייך איז מען איבערגעגאַנגען צו די „אנז", וואָס זיינען ווי אַלע יאָהר געשטאַנען אויף יענער זייט ירדן מיט זייערע טשערדעס און גמלים און אויך וועגען זייער געשלעג מיט די טשערקעסען.

— נעכטען האָבען די „אנז" אַ מיקער (מילנער) בערויבט, — האָט זיך איינער פון אבו־פארעס׳עס מענשען אָבגערופען.

— אַללאַ אקבאַר, — האָט אַ פעלאַך פון אַ נאָהענטען דאָרף געקרעכצעט. — אָן אַנשי־קעניש זיינען אויף אונז אַלע יאָהר די „אנז".

פון אויבען אַראָב האָבען איהם אַלע בע־קוקט און אפילו ניט געענטפערט. — דעם יאָהר האָבען די „אנז" מיך אויך פערטשעפּעט. — האָט זיך אבו־שוואַרב אָבגערופען. — זיי האָ־בען ביי מיר אַ האַלבע טשערדע צוגענומען. און היינט פאָהר איך צו זיי.

— פיעל שאָדען ברענגען זיי היינטיגען יאָהר, — האָט זיך נאָך איינער אָבגערופען, און וועגען די בהמות האָט מען קיין וואָרט ניט דער־מאָהנט.

— מען דאַרף געהען זאַטלען דעם פערד, — איז אבו־שוואַרב פון זיין אָרט אויפגעשטאַ־נען.

— איהר פאָהרט מיט מיר! — האָט ער צו מיר און צו איינעם פון אבו־פארעסעס אַראַ־בער געזאָגט.

— אַראַבישע שטיק — האָט מיר אבו־שוואַרב בעמערקט זאַטלענדיג די שקאַפּע.

דער אַראַבער, וואָס האָט געדאַרפט מיט אונז פאָהרען, איז אַרויס, ער האָט זיך אַ היבשע צייט געווייילט און אַריינגעהענדיג האָט ער אָנ־געזאָגט, אַז אבו־פארעס קומט אָן. אבו־שוואַרב האָט זיך ניט הערענדיג געמאַכט; אָנגעטהאָן דעם פערד דעם שעהנעם אַראַבישען געשיער;

אויפ׳ן האלז אָנגעטהאָן אַ פיעל־פארביגען באַנד מיט פרענזען. אויך אויפ׳ן ברוסט אָנגעבונדען אַ גאַנצען נעץ, וואָס איז געהאַנגען ביז דער ערד.

איבער׳ן זאטעל דעם טייערען דמשקער הארדז*) איבערגעוואָרפען.

— אייל זיך צו, — האָט ער מיר געזאָגט. און איז געשווינד אריין אין שטוב און האָט אויף זיך אָנגעטהאָן די בעסטע קליידער, וואָס ער האָט געהאַט.

צוויי רעוואָלווערען אָנגעגארטעלט ; אַ שווערד מיט אַ זילבערנע הענטיל ; אַ לאַנגען מעסער און איבער׳ן האַרצען ווי אַ צלם צוויי פּאַסען מיט מעשענע פּאַטראָנעם ; אויפ׳ן קאָפּ אַ גרויסע זיידענע געלע טיכעל, מיט אַ גוטען שווארצען אגאל, וואָס איז וואו ניט וואו מיט זילבערנע פּאָדים הורכגעפלאָכטען געוועזן ; די טונקעל־געלע זיידענע אַבאַיע נאַכלעסיג אויף די פּלייצעס אָנגעוואָרפען און פון אויבען דעם גרטען ענגלישען ביקס, וואָס זיינער אַ פריינד האָט איהם געשענקט ; דעם לאַנגען שפּיז אין האַנט גענומען, — און ער האָט אויסגעוויזען ווי אַ גרויסער אַראַבישער שעך אָדער עפענדי, וואָס רעגיערט איבער אַ גרויסער געגענד מיט פּיעלע אַרבייטער, און ניט ווי א קאָלאָניסט פון א אידישער קאָלאָניע.

זאריף, מיט וועלכען איך האָב זיך אפילו ניט איבערגעקוקט, האָט איהם די שקאַפּע צוגעפיהרט, צוגעהאַלטען דעם רייט־רימען. לאַנגזאם האָט זיך אבו־שווארב אין זאטעל געזעצט. איך נאָך איהם, און מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען. אַלע אַראַבער זיינען אַרויס בעגלייטען.

אַבו־שוואַרב האָט דעם פערד צוהיצט, איבער׳ן גאַס אומגעפלויגען, דעם שפּיז אין דער לופט געוואָרפען, איהם געכאַפּט, אָבגעשטעלט דעם פערד אין פולען געלאַף און נאָך אַזעלכע זאכען. די שקאפּע האָט ניט רוהען געקענט, איהר וואונדער שעהנע קעפּעל אויפ׳ן דינעם האַלז האָט זי צו איהם געקעהרט, פאַר דער אבאיע געשלעפּט. עס ווילט זיך איהר שטיעפען, שפּרינגען, לויפען. אבו־שווארב האָט צו איהר מילד גערעדט, ליעבליך געגלעט און מיט די אַראַבער געשמועסט. ס׳האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי ער ווארט. פון דער וויטענס האָבען מיר דערהערט ווי רייטער פאָהרען. אבו־שווארב האָט זיך מיט די אַראַבער צוזעגענט און מיר זיינען אָבגעפאָהרען. נור דאָ איז פון הינטער דעם ווינקעל אנטקעגען אונז אָנגעקומען אַ גאַנצע מחנה אַראַבער, און פאָראויס אַלעמען אין א ווייסער אַבאַיע אויף א גרויער שקאַפּע בעפּוצט און בעהאַנגען אויפ׳ן אַראַבישען אופן איז אַ יונגער אַראַבער געפאָהרען. אויף זיין טונקעלען געזיכט אַ קליין שוואַרץ בערדעל. זייגע גרויסע אויגען האָט אַ רויטע טיכעל פערדעקט. פון דעם נאָז ביז׳ן מויל איז א פערהיילטער שניט געווען.

— אבו־פארעס ! — האָבען אַלע אַראַבער מיט רעספּעקט אויסגערעדט. מיר זיינען זיך צונויפגעפאָהרען, איינער דעם צווייטען שלום עליכם אָבגעגעבען. די אַראַבער האָבען אונז ארומגערינגעלט.

— טפאדאל, — האָט זיך אבו־שווארב אומגעקעהרט און אלעמען אין שטוב אַריינגעבעטען. איך האָב זיין שקאפּע צוגענומען. די אַראַבער האָבען די שקאפּע פון אבו־פארעס צוגענומען.

— וואוהין ביזט דו געפאָהרען ? — האָט אבו־פארעס געפרעגט.

— צו די „אנז“ נאָך די בהמות — האָט אבו־שווארב געענטפערט.

— איך וועל מיט דיר מיטפאָהרען — איז אבו־פארעס אין שטוב אַריינגעגאַנגען.

ווי אַ בן מלך האָט איהם אבו־שווארב צוגענומען, געהייסען קוילענען אַ שאָף, די פערד האָט ער האָבער געגעבען, ער אַליין ביי אבו־פארעס די געוועהר צוגענומען ; אָנגעוואָרפען אַ באַרג קישענס און פערשפּרייט אַ גרויסע ווייסע קאָלדרע. מען זיצט, מען טרינקט קאווע, מען וואַרפט זיך איבער מיט ווערטלעך און מעהרסטענס פרעגט מען אויס איינער דעם צווייטען, וואָס מען מאַכט. אבו־פארעס זיצט אויבען־אָן. נעבען איהם אבו־שווארב און שאַפט זיך מיט זיינע אַראַבער. זיי גרייטען עסען, קאָכען דעם געקוילעטען שעפּס. איך זיץ נעבען אבו־שווארב.

— מיר וועלען שוין אנלערנען די „אנז“, די אקרוט — האָט אַזוי ווי אין כעס אבו־פארעס אויסגערעדט.

— מא ליעש, אללאַ קערים ! ! (עס מאַכט ניט : גאָט איז בארמהערציג !) — האָט איהם גאַנץ קאַלט־בלוטיג אבו־שווארב אָבגעענטפערט.

— פריהער וועלען מיר ברויט און זאלץ עסען.

אויף קליינע ניעדריגע טישלעך האָט מען דערלאַנגט אָנגעבראַקטע שטיקלעך פלייש מיט מצות. אבו־פארעס׳ן האָט מען בעזונדער דערלאַנגט. אבו־שווארב האָט מיר אַ וואונק געטהאָן, איך זאָל אַרויסגעהען.

— נאָך׳ן עסען, זאָלסט דו פאָהרען צו איבראהימען און הייסען איהם ברענגען די בהמות — האָט ער מיר קורץ געזאָגט און מיר זיינען צוריק אַריינגעגאַנגען.

איינער פון די אַרבייטער האָט אַריינגעבראַכט אַ קרוג וואסער און אַ שיסעל און אָנהויבענדיג פון אבו־פארעס האָט ער צוגעטראָגען יעדען בעזונדער, מען זאָל וואשען די הענד און שווינקען די מיילער. מיט די פינגער האָט מען זיך צו דער ארבייט גענומען, איך האָב אויך געגעסען.

זעהר גיך עסען אַראַבער, איבערהויפּט

*) חארדז — רייזע־זעקלאַך.

פליייש און זעהר געשווינד האָבען אויך מיר דעם עסען געענדיגט. ווי מען האָט נאָר קאַווע דערלאַנגט בין איך אַרויסגעגאַנגען. רייטענדיג אויף דעם רויטען לאשאק בין איך צו איבראַהימען געקומען און אַלעם דערצעהלט. איבראַהים האָט געשמייכעלט און געהייסען נאָך אַ פּאָר טשערקעסען טרייבען די בהמות. איך בין געבליעבען אין יסוד המעלה.

פאַרנאַכט־צו איז אבו־שווארב געקומען און האָט לאַכענדיג געפרעגט:

— ווי געפעלט אייך די שטיקעל אַרבייט? איהר מיינט, אַז זיי ווייסען ניט, ווער האָט עס די בהמות צוגענומען? נאָר פּאָליטיק: מען מוז שווייגען . . . איך בין יעצט מיט איהם ווייטער גוטער ברודער געוואָרען. ער האָט מיר צעהן ציגען געשענקט.

— וואָס וועט איהר יעצט טהאָן? — האָט ער מיך געפרעגט.

— איך וויל פאָהרען נאָך די אייער. — האָב איך איהם קורץ געענטפערט.

— נאָך די אייער? — האָט ער מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט. — עס איז גאַנץ שווערליך, —די „אנז" האָבען אַלע וועגען פערנומען. אָבער איך וועל מיט אייך זאריפ'ן שיקען. ער וועט מיט אייך צו דער חעממע פאָהרען.

אין דער צייט האָט אונז איבראַהים גערופען עסען: ער האָט פאַר אונז וועטשערע געמאַכט. נאָך'ן עסען האָט אבו־שווארב אויסגעטהאָן דעם רעוואָלווער מיט'ן גרויסען מעסער. זיי האָבען זיך צוקושט און איבראַהים האָט עס גלייך אויף זיך אָנגעטהאָן.

— צום ערשטען וועל איך עס אויף די הינד, די „אנז" פּרובען — האָט ער מיט'ן מעסער געפּאָכט.

— איהר פאָהרט צו די „אנז"? —

— זיי האָבען צוויי טשערקעסען געהרג'עט — האָט איבראַהים מיט אַ פייער'ל אין די אויגען אויסגערעדט און זיין שוואַרצער טרוקענער פּנים איז גראָה געוואָרען.

— איך פאָהר מיט אייך, — האָט אבו־שווארב געזאָגט.

— ניין! — האָט איבראַהים געענטפערט.

— איך אַליין וועל זיך מיט די הינד, די „אנז" אָברעכענען.

— וויפיעל מענשען פאָהרט איהר?

— פינף.

— איהר וועט פאָהרען מיט מיר? — האָט מיך אבו־שוואַרב געפרעגט ווען מיר האָבען זיך מיט די טשערקעסען צוזעגענט. ער איז געפאָהרען אַהיים.

— ניין! איך וועל אויף זאריפ'ן אין משמר הירדן וואַרטען — האָבען מיר אונז צוזעגענט.

איך האָב מיך ניט געוואָלט אומקעהרען. ער האָט דעם פערד אַ טרייב געטהאָן און איז פערשוואונדען. איך בין אַריין צו אַ קאָלאָניסט און געלעגט זיך שלאָפען. פון דער נאַכט בין איך זעהר מיעד געוועזן. אויף צו מאָרגענס האָב איך זיך געקליבען אין וועג אַריין נאָך די אייער פון שוואַרצען קראַה.

דר. א סינטאָווסקי

קריעגס־קאָנטראבאנד און די פּרייז־געריכטען

די וויכטיגקייט פון דער פראַגע פון קריעגס־קאָנטראבאנד פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל.

קריעגס־קאָנטראבאנד איז יעדער אַרטיקעל, יעדע סחורה, וואָס אַ קריעג־פיהרענדע מלוכה פערבאָט אַ נייטראַלע רעגיערונג אָדער די בירגער פון אַ נייטראַלער רעגיערונג צוצושטעלען איהר שונא. געוועהנליך, בעציהט זיך דאָס אויף סחורות געשיקט אויף שיפען מיט'ן ים.

דער קאַפּיטעל איבער קריעגס־קאנטראבאנד געווינט אַלץ מעהר וויכטיגקייט אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט. די אורזאַכע דערפון איז, וואָס מסחר און בעזונדערס אינטערנאַציאָנאַלער מסחר — עקספּאָרט און אימפּאָרט — פערנעהמען איצט אַ פיעל גרעסערען פּלאַץ אין דער פאָלקס־יווירטשאַפט, ווי אַמאָל. די מאָדערנע אַרבייטס־טהיילונג איז אַריבערגעוואַקסען ניט בלויז די לאָקאַלע גרענעצען, נור אויך די נאַציאָנאַלע. דער מסחר פון איין לאַנד איז אַזוי פערקניפּט און דורכגעפלאָכטען מיט דעם מסחר פון דעם צווייטען לאַנד, דאָס די גאַנצע ציוויליזירטע און אויך האַלב־ציוויליזירטע וועלט זעהט אויס ווי איין סחורה־מאַרק. יעדעס לאַנד, סיי דאָס פאָרטגעשריטענטסטע און סיי דאָס אָבגעשטאַנענסטע טרעט אויף דאָ אַלס קויפער און דאָ אַלס פערקויפער. אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען

מאַרק ווערען איצט געבראַכט ניט נור אַזעלכע סחורות, וואָס צוליעב קלימאַטישע אָדער געאָגראַפישע בעדינגונגען קענען פּראָדוצירט ווערען נור אין אַ בעשטימטען געגענד, נור אויך סחורות, וואָס אַ מאָל זיינען זיי כמעט אין יעדען לאַנד פּראָדוצירט געוואָרען און וואָס איצט, אַ דאַנק דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטסטיילונג, ווערען זיי פּראָדוצירט אין אַ געוויסען לאַנד, ווייל צוליעב געוויסע אומשטענדען קומט די פּראָדוקציאָן דאָרט אויס ביליגער.

אַ פּויער אין דער שווייץ, צ. ב. ש., וואָס שיינט אויף דעם ערשטען בליק קיין מגע ומשא ניט צו האָבען מיט אויסלאַנד, ניצט מעהר אויסלענדישע אַרטיקלען, ווי ער קאָן זיך אַפילו דענקען. די שיך, וואָס ער טראָגט, קאָנען דוקא זיין פון האַמבורגער לעדער, וואָס איז געמאַכט פון רוסישען פעל. זיין ברויט, וואָס ער קויפט, איז מעהרסטענס געבאַקען פון קאָרען געבראַכט פון איטאַליען אָדער רוסלאַנד. זיין שטיקעל פלייש איז אימפּאָרטירט פון אַרגענטיניען, זיין קאַפע פון ציילאָן און זיין צוקער פון ערגעץ וואו אַן אַנדער לאַנד און אַזוי ווייטער. מיט זייערע קליידער איז דיזעלבע געשיכטע: באַוועל ווערט אימפּאָרטירט פון אַמעריקאַ, וואָל פון אויסטראַליען און די פאַרב־שטאָפען דערצו מעהרסטענס פון דייטשלאַנד. דער אינטערנאַציאָנאַלער מסחר, בעזונדערס אויפ׳ן ים, פערנעהמט אַ גרויסען אָרט אין לעבען פון די פעלקער. ס׳איז קלאָר דעריבער ווי וויכטיג ס׳איז פאַר יעדען לאַנד אָנצוטרייבען דעם מסחר ווי מעגליך מיט ווענ׳יגער שטערונגען.

וואָס גרעסער דער מסחר פון אַ לאַנד, אַלץ וויכטיגער ווערט פאַר דעם לאַנד, אין פאַל פון אַ מלחמה פון אַנדערע לענדער, ניט געשטערט צו ווערען פון די קריעג־פיהרענדע צדדים. אין אַ מלחמה שטעהען די שיפען פון די נייטראַלע לענדער אין אַ געפאַהר פערכאַפּט צו ווערען פון אַ קריעג־פיהרענדער מלוכה אַלס קריעגס־קאָנטראַבאַנד. די געפאַהר מוז מען זוכען וואָס מעהר צו פערקלענערן. און ניט נור זיינען פעראינטערעסירט אין דעם די מענשען, וואָס זיינען דירעקט בעשעפטיגט מיט עקספּאָרט אָדער אימפּאָרט. ווען דער מסחר זאָל אָבגעשטעלט ווערען, וועט עס אָנגרייפען זעהר שטאַרק אַלע, אָהן אויסנאַהם, צווייגען פון דער אינדוסטריע. וואָס ענטוויקעלטער און פאָלקאָמענער אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם איז, אַלץ מעהר צענטראַליזירט ווערען זיינע פונקציאָנען. אַ קראַנקהייט, וואָס טרעפט דעם איינציגען גליעד, רופט זיך אויף אָב אויפ׳ן גאַנצען קערפּער.

דאָסזעלבע מוז אויך געזאָגט ווערען פון אַ סאָציאַלען קערפּער. אמאָל זיינען אינדוסטריע און מסחר געוועזען לויזע טיילען אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט. עס איז כמעט איבערהויפּט ניט געוועזען קיין אמת׳ע פאָלקס־ווירטשאַפט. עס איז קיין האַרמאָניע ניט געוועזען צווישען די פערשיעדענע צווייגען פון אינדוסטריע און מסחר. יעדער איינציגער ווירטשאַפטס־צווייג איז געוועזען כמעט זעלבסטשטענדיג. איצט אָבער איז די זאַך אַנדערש. אינדוסטריע און מסחר אין זייערע פערשיעדענע פאָרמען בילדען אַ גאַנצען קערפּער, און די שטערונגען אין איין טייל ווירקען גלייך אויף די אַנדערע טיילען. אַז באַוועל פון באַוועל־דיסטריקט קאָן צוליעב דער איצטיגער מלחמה ניט געשיקט ווערען נאָך אייראָפּאַ מיינט עס ניט בלויז אַן אומגליק פאַר די מענשען, וואָס זיינען דירעקט בעשעפטיגט אין דער באַוועל־פּראָדוקציאָן. די באַוועל־פּראָדוצירער פערליערען זייער קויף־קראַפט און דורך דעם וועלען אויך ליידען די פּראָדוצירער פון יענע אַרטיקלען, וואָס די ערשטע קאָנסומירען. און אַזוי וועט זיך דאָס איבערגעבען פון איין אינדוסטריע־צווייג אין אַנדערן, ביז וואַנען די גאַנצע אינדוסטריע וועט פערקריפּעלט ווערען.

דער אינטערנאַציאָנאַלער מסחר איז היינט גאַנץ פערשיעדען פון דעם אמאָליגען אינטערנאַציאָנאַלען מסחר. און צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, געהט דער מסחר ניט אָן מיט בלויז לוקסוס־אַרטיקלען, ווי דאָס איז אמאָל מעהרסטענס דער פאַל געוועזען. איצט ווערען עקספּאָרטירט און אימפּאָרטירט זעהר נויטיגע און זעהר ניצליכע אַרטיקלען, און צווייטענס, איז דער אינטערנאַציאָנאַלער מסחר זעהר ענג פערבונדען מיט דער אינדוסטריע און מסחר אין לאַנד גופא. די רעגולירונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען מסחר אויף דעם פאַל פון אַ מלחמה איז דעריבער זעהר וויכטיג פאַר די לענדער, וואָס בלייבען נייטראַל און וואָס ווילען אויסמיידען אַ קריזיס צוליעב אַ מלחמה, אין וועלכער זיי זיינען ניט פאַראינטערעסירט.

וועלכע סחורות זיינען קריעגס־קאָנטראַבאַנד?

עס פערשטעהט זיך, אַז יעדע קריעג־פיהרענדע מלוכה האָט אַ רעכט ניט צו דערלאָזען צוצופיהרען דעם שונא אזעלכע אַרטיקלען, וואָס קאָנען איהם נוצען ברייננגען אין דער מלחמה. ווידער איז קלאָר, אַז עס דאַרף גאָר ניט אָנגעהען די קריעג־פיהרענדע מלוכה אויב אַ נייטראַלע מלוכה פיהרט מסחר מיט די בירגער פון איהר שונא׳ס לאַנד. די מאָדערנע מלחמות פון ציוויליזירטע לענדער ווערען געפיהרט פון דער אָרגאַניזירטער מיליטערישער מאַכט פון איין לאַנד געגען דער אָרגאַניזירטער מיליטערישער מאַכט פון אַנאַנדער לאַנד. די פריעדליכע עלעמענטען פון ביידע קריעג־פיהרענדע מלוכות דאַרפען אין קיין אופן ניט געקריוודעט ווערען. די פראַגע דעריבער איז,

וועלכע סחורות דארפען בעטראכט נוערען אלס קריעגס־קאָנטראבאנד, און קאָנפיסקירט ווערען אין פאַל מען כאַפּט זיי, און וועלכע זיינען קיין קאָנטראבאנד ניט, און דער קריעג־פיהרענדער צד האָט קיין רעכט ניט זיי צו פערכאַפּען אפילו אין פאל ווען זיי זיינען בעשטימט פאַר אַ פלאַץ וואָס געהערט צום שונא.

אויפ'ן ערשטען בליק שיינט עס צו זיין לייכט צו בעשטימען וועלכע סחורות דארפען גערעכענט ווערען אלס קאָנטראבאנד און וועלכע ניט. צוויי וועגען זיינען פאראַן ווי אַזוי אויסצוגעפינען די סמנים, נאָך וועלכע מען זאָל קענען אונטערשיידען קריעגס־קאָנטראבאנד פון „כשר'ער" סחורה. איין וועג איז—טהעאָרעטיש זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין דער גאַנצער פּראַגע, פעסטשטעלען גענוי די סמנים, וואָס מאַרקען די סחורה אַלס פערבאָטען צוצושטעלען צום שונא און נאָך די סמנים קלאסיפיצירען אַלע סחורות. אַ צווייטער וועג איז צו נעהמען די טריטים פון די מלוכות און פון זיי אַרויסקריגען וועלכע סחורות זיינען דאָרטען פערעכענט אַלס פערבאָטען, און שטיצענדיג זיך אויף דעם אויסאַרבייטען אַ רעגיסטער פון קריעגס־קאָנטראבאַנד.

דער האָללענדיי'שער געלעהרטער הוגא גראָציוס האָט נאָך אין אָנפאנג פון 17טען יאָהרהונדערט, ווען דער וועלט־מסחר איז נאָך ניט געוועזען אַזוי ענטוויקעלט ווי איצט, געזוכט צו לייזען דאָס פּראבלעם. אין זיין בוך, וואָס ער האָט געשריעבען אין לאַטייניש, אין דער שפּראַך פון די דאמאליגע געלעהרטע, און וואָס איז ערשיענען אין 1625 אונטער דעם נאָמען „וועגען דעם רעכט פון קריעג און פּריעדען" בעהאַנדעלט ער שוין אויספיהרליך די פּראַגע וועגען קריעגס־קאנטראבאנד. ער טראָגט דארום מיט רעכט דעם נאָמען „דער פאָטער פון אינטערנאַציאָנאַלעם רעכט". ער טיילט איין אַלע סחורות, וואָס ווערען פון נייטראַלע לענדער געשיקט צו די קריעג־פיהרענדע, אין 3 קאטעגאָריען :

1) אין סחורות וואָס זיינען אבסאָלוט קאָנטראבאנד.

2) אין סחורות וואָס זיינען אבסאָלוט ניט קיין קאנטראבאנד און דעריבער זיינען זיי פאָלשטענדיג פּריי פון אירגענד וועלכען חשד אין זייער „טריפ'קייט" און

3) אין סחורות וואָס זיינען רעלאטיוו קאנטראבאנד. דאָס מיינט, אַז אונטער געוויסע אומשטענדען קאנען זיי זיין קאָנטראבאנד און אונטער אנדערע אומשטענדען זיינען זיי כשר'ע ווארע.

אבסאלוט קאטראבאנד איז יעדע סחורה וואָס איהר צוועק איז בולט. וואס מען זעהט קלאר דאס זי איז בעשטימט צו קריעגס־צוועקען. אַזוי צום ביישפּיעל יעדער סאָרט געוועהר, אמוניציאָן, מאשינעריע, וואָס ווערט גענוצט צו קריעגס־שיפּען, שיספּולווער אויפּרייסונגסשטאָף און דערגלייכען.

אבסאָלוט ניט קיין קאָנטראבאנד זיינען אַזעלכע סחורות וואָס ס'איז קלאר דאָס זיי קאָנען געברויכט ווערען נור פיר פּריעדליכע צוועקען ווי קאסמעטיקע, טואלעט־אַרטיקלען, לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען.

רעלאַטיוו קאָנטראבאנד איז אַזאַ ארטיקעל וואָס קאָן דיענען סיי פאר קריעגס־צוועקען, סיי פאר פּריעדליכע צוועקען. דאָס נעהמט ארום כמעט אַלע סחורות, וואָס ווערען איבערהויפּט עקספּאָרטירט אָדער אימפּאָרטירט.

די הויפּט שוועריקייט איז צו בעשטימען, ווען די סחורה פון דער דריטער קאטעגאָריע איז קאָנטראבאנד און ווען ניט.

די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס פון סחורה: די אבסאָלוטע קאָנטראבאנד און די אבסאָלוטע כשר'ע ווארע — איז זעהר לייכט צו בעשטימען. זיי נעהמען אָבער ארום גראדע אזעלכע סחורות, וואָס דער מסחר מיט זיי מאַכט אויס גאָר אַ קליינעם טייל פון אינטערנאַציאָנאַלען מסחר. פיעל וויכטיגער זיינען די סחורות וואָס ווערען קלאסיפיצירט אַלס רעלאטיווע קאָנטראבאַנד. און ווי געזאָגט איז זעהר שווער צו בעשטימען ווען זיי זיינען ווירקליך קאָנטראבאנד און ווען ניט. דאָס היינגט אָב פון דעם צי די סחורה געהט דירעקט צו העלפען דעם שונא אָדער זי וועט קיין שייכות ניט האָבען מיט'ן קריעג. דאָס קאָן מען אָבער ניט דערקאָנען פון די אייגענשאַפטען פון דער סחורה. נעהמען מיר צ. ב. באַוועל. באַוועל ווערט געברויכט צו זעהר פּריעדליכע צוועקען—צו קליידער און צו געוועבטע סחורות, וואָס זיינען בעשטימט פאר אַנדערע פּריעדליכע צוועקען. באַוועל ווערט אָבער אויך געברויכט פאר דינאַמיט. און אַזוי איז עס מיט אַלע סחורות. תבואה, אויב עס געהט פאַר דער ארמיע, איז דאָס קאָנטראבאנד, אויב ניט איז דאָס „כשר'ע". ווי אזוי קאָן מען אָבער דערקאָנען צו וואָס די תבואה וועט פאַרניצט ווערען ? מען האָט געזוכט צו לערנען דעם פשט אַזוי : די סחורות, וואָס ווערען געשיקט דירעקט צו דער קריעג־פיהרענדער רעגיערונג, אָדער צו מענשען, וואָס שטעהען אין פארבינדונג מיט דער רעגיערונג, זיינען קריעגס־קאָנטראבאנד. עס פערשטעהט זיך דאָס קיין סוחר וועט ניט זיין אַזוי נאַריש צו שיקען די סחורה דירעקט צו דער רעגיערונג, אָבער צו מענשען וואָס שטעהען אין פערבינדונג מיט דער רעגיערונג. אויב מען וויל שיקען קאָנטראַבאַנד וועט מען שוין אַלע מאָל קענען געפינען מענשען, צו וועמען צו שיקען. ווי וועט מען קענען וויסען אויף אַזאַ'ן אופן צו וואָס פאַר אַ צוועק די סחורה געהט ? אומגעקעהרט, די סחורה זאָל אפילו געהן פאר א פּריעדליכען

צוועק. אויב אָבער די רעגיערונג וועט דאָס נייטהיג האָבען וועט זי דאָס צונעהמען סיי מיט דער צושטימונג פון אייגענטימער, סיי אָהן זיין צושטימונג. די רעגיערונג האָט דאָך א רעכט צו עקספּראָפּריאירען פּריוואט אייגענטהום, ווען דאָס איז נייטהיג פאר דער לאנדעספערטהיידיגונג. ווי מיר זעהען, איז טעאָרעטיש כמעט אונמעגליך פאר דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט אויסצואַרבייטען אַ כלל, נאָך וועלכען מען זאָל קענען בעשטימען וועלכע סחורה דארף קלאסיפיצירט ווערען אַלס קאָנטראבאנד און וועלכע ניט.

ניט בעסער שטעהט עס מיט דעם אַנדער מיטעל — צו בעשטימען קאנטראבאנד אויפ׳ן גרונד פון טריטיס וואָס ווערען, געשלאָסען פון די רעגיערונגען. אין די מעהרסטע טריטיס זיינען אויסגערעכענט די סחורות וואָס זיינען פערבאָטען צוצושטעלען דעם שונא. האלל אין זיין בוך „די טריטיס פון די פעראייניגטע שטאַטען" ברייננט אָבער א גאַנצע רייהע פון פעלע, וואו איין און דיזעלבע רעגיערונג רעכענט אין איין טריטי פאר קאָנטראבאנד אַזאַ אַרטיקעל, וואָס גילט פאר כשר׳ע סחורה אין אנאנדער טריטי. די פערשיעדענע טריטיס פון די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען אויך ניט פריי פון דיזעלבע הברונות. מיר וועלען אָנפיהרען איינינע פעלע. אין דער טריטי, וואָס ענגלאַנד האָט געשלאָסען מיט די פעראייניגטע שטאַאַטען אין 1794, זיינען שיפּס־ברעזענטען אריינגערעכענט אין די אַרטיקלען, וואָס ווערן בעטראַכט אַלס קריעגס־קאָנטראבאנד. אין א יאָהר שפּעטער האָט אָנקעל סעם אויסדריקליך דאָס אויסגעשלאָסען אין דער טריטי מיט שפּאניען. אין דער טריטי מיט ניעדערלאנד פון 1782 זיינען פערד אַריינגערעכענט געוואָרען אין דער ליסטע פון קריעגס־קאָנטראבאנד ארטיקלען. אין דער טריטי פון 1794 מיט ענגלאנד זיינען פערד ניט דערמאָנט. אין דער טריטי מיט פראנקרייך פון 1778 זיינען פערד פעררעכענט אַלס קריעגס־קאָנטראבאנד. אין דער טריטי פון 1800 מיט דערזעלבער פראנקרייך זיינען — פערד אויסגעשלאָסען פון קריעגס־קאָנטראבאנד. אין די טריטיס, וואָס ענגלאנד האָט געשלאָסען פאַר די לעצטע צייט, האלט זי זיך צוריק פון געבען אַ צעטעל פון די סחורות וואָס ווערען בעטראַכט אַלס קריעגס־קאָנטראבאנד.

אין דער טעאָריע פון אינטערנאַציאָנאַלען רעכט גיט עס צוויי ריכטונגען: איינע האַלט, אַז עס איז נויטיג אַ לאַנגער צעטעל פון קאָנטראבאנד סחורות, כדי אין אַ מלחמה צו קענען דעם שונא וואָס מעהר שעדיגען. די ריכטונג רעקאָמענדירט אויך צו האַנדלען וואָס שטרענגער ווען סחורות ווערען פערכאַפּט, וואָס קענען בעטראַכט ווערען אַלס רעלאַטיווע קאָנטראבאנד. דיעזע ריכטונג קען בעצייכענט ווערען אַלס די ענגלישע דאָקטרין. די אַנדער ריכטונג, פערקעהרט, איז פאַר אַ קורצען צעטעל פון קריעגס־קאָנטראבאנד און איז אויך דערפאר, דאָס מען זאָל האַנדלען מיט מעהר איינזעהעניש ביים בעשטימען אין א קאנקרעטען פאַל אויב די סחורה איז קאָנטראבאנד אָדער ניט. פאַר דער לעצטער אַנשויאונג איז פראנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליען. אמעריקא איז צוטהיילט אין דער פראַגע; איהרע טריטיס און אָפיציעלע פּאַפּיערען ווייזען, אַז זי שטעהט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון פראנקרייך. אָבער איהרע געריכטען און איהרע יוריסטישע אויטאָריטעטען שטעהען אין גאנצען אויפ׳ן צד פון ענגלאנד.

די פראגע וועגען קריעגס־קאָנטראבאנד אויף דער צווייטער האאגער קאָנפערענץ אין 1907.

די צווייטע האאגער קאָנפערענץ האָט אויפגענומען די פראַגע פון קריעגס־קאנטראבאַנד. מארטענס, דער בעריהמטער רוסישער טעאָרעטיקער פון אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, וועלכער איז געוועזען דער פרעזידענט פון דער פערטער קאָמיסיאָן, האָט אַרויפגעשטעלט די פראַגע וועגען קריעגס־קאנטראבאנד אויף דער טאגעס־אָרדנונג. דער פונקט איז ניט געוועזען אויף דער טאגעס־אָרדנונג, אָבער ער איז אַריינגעבראַכט געוואָרען ווי ס׳שיינט אויפ׳ן פערלאַנג פון דעם ענגלישען פאָרשטעהער. ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, בראַזיליען און די פעראייניגטע שטאַאטען האָבען געמאַכט פאָרשלעגע. דער ענגלישער פאָרשלאַג איז געוועזען דער ראַדיקאַלסטער און איז אויך פאָרגעלעזען געוואָרען דער ערשטער. די ענגלישע רעגיערונג האָט ענטשיעדען געענדערט איהר שטעלונג אין דער פראַגע פון קאנטראבאנד.

דער פערטרעטער פון ענגלאנד האָט, אונטערשטיצענדיג זיין פאָרשלאַג, אָנגעוויזען אויף פאָלגענדעס. וואָס ווייטער איז אַלץ געוואָרען שטאַרקער די טענדענץ צו פערגרעסערן די צאָהל פון די סחורות, וואָס ווערען בעטראַכט אַלס קריעגס־קאנטראבאנד. דעם מסחר טהוט מען אָן זעהר א גרויסען היזק. האָט מען אָבער געמאַכט קריעגס־קאנטראבאנד אונמעגליך? דערויף מוז מען ענטפערן מיט ניין. ווי שטרענג מען זאָל ניט זיין אין א מלחמה מיט נייטראַלע שיפען, קריעגס־קאנטראבאנד ווערט געפיהרט אין יעדער מלחמה אין זעהר א גרויסער צאָהל. די קויל טרעפט אָבער שטענדיג ניט דעם קאנטראבאנדיסט, נור דעם פריעדליכען סוחר, וואָס האָט זיך אויף דעם גאָרניט געריכט און זיך גאָר ניט געהיט. די מורא׳דיגע ענטוויקלונג פון די טראַנספּאָרטירונגס־מיטלען, דער פראגרעס פון דער קריעגס־

וויסענשאַפט, וועלכע האָט איינגעפיהרט אַ רייה פון קריעגס־אינסטרומענטען און האָט דאריבער בעשאַפען אַ נאָכפראַגע אויף אַ גאַנצע מאַסע פון נייע אַרטיקלען, אויך דער אונגעהויערער פערנעהם פון די נייע האַנדעלס־שיפען — דאָס זיינען די אורזאַכען, וואָס מאַכען די אַלטע כללים וועגען קריעגס־קאַנטראַבאַנד ניט מעהר צוגעפאַסט צו זייער צוועק. ווען די אַלטע כללים ווערען אָנגעווענדעט, שאַדען זיי פיעל מעהר דעם נייטראַלען מסחר. דעם קריעג־פיהרענדען צד, פון דער אַנדער זייט, ניצען זיי אויך ניט. אן אַלטער מנהג ערלויבט גלייך ביים אָנפאַנג פון אַ מלחמה דעם קריעג־פיהרענדען צד צו ערקלעהרען וועלכע סחורות ער וועט בעהאַנדלען אַלס קריעגס־קאנטראבאנד. דער צעטעל איז אָבער קיין מאָל ניט קיין פולער און שטענדיג קומט אַרויס דערפון קריעגעריי און קאָנפוזיאָן. די אונטערשיידונג פון אבסאָלוטער און רעלאַטיווער קאנטראבאנד האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען אַלס ניט גענוג און שטעלט קיינעם ניט צופריעדען.

די דייטשע, פראַנצויזישע און די דעלעגאַטען פון די פעראייניגטע שטאַאטען האָבען פאָרגעשלאָגען די בעצייכנונג פון אַבסאָלוטער און רעלאַטיווער קאָנטראבאנד אָנצוהאַלטען אויך ווייטער, נור קלערער און גענויער זיי בעשטימען. די בראַזיליאַנער האָבען פאָרגעשלאָגען אין גאַנצען אָפּצושאַפען די אונטערשיידונג צווישען אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע קאנטראבאנד און זיך בעגנוגענען מיט אויסאַרבייטען אַ צעטעל פון בעשטימטע קלאַסען פון אַרטיקלען, וואָס זאָלען בעטראַכט ווערען אַלס קאָנטראבאנד און מעגען דעריבער פערכאַפט ווערען. אַלע אַנדערע סחורות, וואָס וועלען ניט זיין אויסגערעכענט אין דער גרופּע קאנטראבאנד־סחורות, זאָלען בעטראַכט ווערען אַלס פרייע. געגען דעם בראַזיליאַנישען פאָרשלאַג האָבען געשטימט אַלע, אַ חוץ ענגלאַנד. די פראַגע איז אַריבער אין אַ קאָמיסיאָן. די קאָנפערענץ אַליין אָבער האָט זיך מיט דער פראַגע שוין מעהר ניט בעשעפטיגט און האָט דאָס איבערגעלאָזען צו דער קומענדיגער קאָנפערענץ.

קריעגס־קאָנטראבאנד קען אַרויסרופען קריעג.

די פראגע וועגען קריעגס־קאָנטראבאנד איז וויכטיג נאָך אין אַנאַנדער בעציהונג. איהר ריכטיגע רעגולירונג קען פערמיידען אומזיסטע מלחמות און בעסער פערזיכערן דעם פריעדען פון די לענדער, וואָס זיינען ניט אַריינגעשלעפט אין דער מלחמה. ססכוכים וועגען קריעגס־קאָנטראַבאַנד קענען פאָרקומען ערשטענס ווען איינער פון די קריעג־פיהרענדע צדדים פערכאַפט נייטראַלע שיפען און דאָס לאַנד, צו וועמענס בירגער די שיפען געהערען, גלויבט, אַז זיי זיינען פערכאַפט געוואָרען מיט אונרעכט און געגען די געזעצען פון אינטערנאַציאָנאַלען רעכט. ססכוכים קענען אויך פאָרקומען דאן, ווען דאָס קריעג־פיהרענדע לאַנד גלויבט, אַז אַ נייטראַלעס לאַנד שטעלט צו זיין שונא קריעגס־קאָנטראבאנד און איז עובר דערמיט אויף די געזעצען פון נייטראַליטעט. אין דער איצטיגער וועלט־מלחמה האָט די פראַגע ניט אָנגענומען קיין בעזונדער שאַרפען כאַראַקטער, און דאָס האָבען מיר בלויז צו פערדאַנקען דער בעזונדערער קאָמבינאציע פון די קריעג־פיהרענדע לענדער. ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און בעלגיען זיינען פערבונדען און עס פערשטעהט זיך, אַז ניט נאָר זיי קענען, נאָר זיי פיהרען טאַקי איינע צו די אַנדערע וואַפען, אַמוניציאָן און אַלצדינג, וואָס מען דאַרף צו אַ מלחמה. אָבער דאָס קאָן מען אפילו ניט רופען קריעגס־קאָנטראבאנד, ווייל זיי פיהרען דאָס אייגענטליך פאַר זיך. די אַנדערע לענדער ווי איטאַליען, נידערלאַנד סימפּאַטיזירען מיט ענגלאַנד. דייטשלאַנד איז אויפ'ן ים איצט גאַנץ מאַכטלאָז, עס קאָן קיין זאַך ניט טהאָן אום צו שטערען אין פאַל אויב די דערמאַנטע לענדער זאָלען אפילו צושטעלען קריעגסקאָנטראבאנד צו די פערבינדעטע. דייטשלאַנד קען זייערע סחורות ניט פערכאַפען. וואָלט אָבער די סיטואַציאָן אין דער איצטיגער מלחמה געוועזען אַנאַנדערע און די מלוכות וואָס שיקען האַנדעלס שיפען אויפ'ן ים וואָלטען געוועזען אנדערש פערטהיילט, וואָלטען שוין קיין ססכוכים ניט געפעהלט און עס וואָלטען שוין געוועזען גענוג דיפּלאָמאַטישע קריעגערייען און רייסערייען. דייטשלאַנד האָט אפילו מיט אַ קורצער צייט צוריק פּראָטעסטירט צו דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, היות אמעריקאנער בירגער שטעלען צו די ענגלישע שיפען קריעגס־קאָנטראבאנד. דייטשלאַנד האָט אָבער די שיפען, וואָס האָבען קאָנטראבאנד געפיהרט, ניט געהאַט געכאַפּט און דער פּראָטעסט איז געוועזען געמאַכט מעהר פון דער פאָרם וועגען.

דאַרף אַ נייטראַלע מלוכה פערבאָטען קריעגס־קאנטראבאנד?

די פראגע וועגען קאָנטראבאנד איז נאָך אויך ניט קלאר בנוגע צו דעם פּונקט: ווען מוז אַ נייטראַלע מלוכה ניט צולאָזען איהרע אונטערטהאַנען צו האַנדלען מיט סחורות, וואָס זיינען בעטראַכט אַלס קריעגס־קאָנטראבאנד? פיעלע טהעאָרעטיקער פון אינטערנאַציאָנאַלען רעכט בעהויפּטען, אַז אַ נייטראַלע רעגיערונג דאַרף זיך ניט מישען אין מסחר פון איהרע בירגער אַזוי לאַנג ווי דער מסחר מיט קאָנטראבאנד אַרטיקלען געהט אָן אין קליינעם מאַסשטאַב.

נעהמט דאָס אָבער אַן א גרעסערען מאסשטאב,
אזוי מוז די נייטראלע רעגיערונג זעהן דאָס אָב־
צושטעלען. ווי קען מען אָבער אָפּשאצען און
ווער וועט דאָס אָפּשאצען וואָס הייסט מסחר
מיט קאָנטראבאנד אין א קליינעם אָדער גרויסען
מאסשטאב? אין 1793 האָט ענגלאנד זיך בע־
קלאָגט פאר דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע
שטאאטען, אז אן אמעריקאנער בירגער האָט
פערקויפט צו אַן אגענט פון דער פראנצויזישער
רעגיערונג וואפען און אנדערע קריעגס־מאטעריא־
לען. דזשעפערסאָן, וועלכער איז דאמאלס גע־
ווען דער סטייט־סעקרעטער אין וואשינגטאָן'ס
קאבינעט, האָט דערויף געענטפערט: „אמערי־
קאנער בירגער זיינען תמיד געווען פריי צו
פּראָדוצירען, פערקויפען און עקספּאָרטירען וואָ־
פען. דאָס איז די שטענדיגע בעשעפטיגונג פון
מאנכע, וואָס מאכען פון דעם א לעבען. שטערען
זיי אין זייער געוועהנליכער בעשעפטיגונג וואָלט
געהייסען אוועקנעהמען דאָס איינציגע מיטעל
פון זייער עקזיסטענץ. און צוליעב וואָס?
ווייל אין ווייטע און פרעמדע לענדער
קומט פאָר א קריעג צו וועלכען מיר
האָבען גאָר קיין שייכות ניט. דאָס קען
מען קוים ערוואַרטען פון אונז. דאָס וואָלט זיין
אי געגען פּרינציפּ אי אונמעגליך אין דער
פּראקטיק. רעספּעקטירענדיג דאָס רעכט פון יע־
נע, וועלכע זיינען אין שלום, פערלאנגט ניט דערי־
בער דאָס פעלקער־רעכט זיי זאָלען אויפגעבען
זייערע בעשעפטיגונגען." ער ווייזט אָן דערויף,
אז דער פּרעזידענט האָט אין א פּראָקלאמאציאָן
געווארענט די בירגער זיי זאָלען ניט האנדלען
מיט קריעגס־קאָנטראבאנד, ווייל אין פאל אז מען
וועט די סחורה כאפּען וועט מען עס קאָנפיסקי־
רען און די רעגיערונג וועט זיך פאר זיי ניט אָנ־
נעהמען. די רעגיערונג פון די פעראייניגטע
שטאאטען האָט אָבער זייט דאמאלס געענדערט
איהר בעציעהונג צו איהרע בירגער, וועלכע טרע־
טען איבער די געזעצען פון נייטראליטעט. און
אגב בעציהט זיך די ווארנונג מעהר אויף מענ־
שען, וואָס שטעלען צו די פערבאָטענע סחורות,
און ניט אויף יענע, וועלכע פערקויפען די סחורות.

מיר געפינען גאנץ אָפט, אז די רעגיערונג
פון א לאנד האָט פּראָטעסטירט געגען אונ־
נייטראלע האנדלונגען אין בעצוג אויף מסחר מיט
קריעגס־קאָנטראבאנד, ווען זי אליין האָט גע־
פיהרט קריעג מיט אנאנדער מלוכה, און מען האָט
צו יענער מלוכה צוגעשטעלט קריעגס־קאָנטרא־
באנד. דיזעלבע רעגיערונג האָט אָבער גאנץ אנ־
דעריש געלערנט דעם פּשט, ווען אנדערע האָבען
קריעג געפיהרט און איהרע בירגער זיינען דאָס
געוועזען די צושטעלער פון דער קאָנטראבאנד.
פּרייסען, צ. ב., וועלכע האָט געפיהרט א גרויסען
מסחר מיט קאָנטראבאנד אין קרימער קריעג,
האָט אליין פון דעסטוועגען פעראמט זעהר
שטארק ענגלאנד פאר'ן פערקויפען וואפען צו
פראנקרייך אין 1870. די אלע פּראָטעסטען פון
מלוכות אין קריעג וועגען פערקויפען וואפען
אָדער קריעגס־אמוניציאָן קלינגען איבערהויפּט
זעהר לעכערליך, ווען מען דערמאהנט זיך, אז
אלע פאבריקען פון וואפען און קריעגס־מאטע־
ריאל זיינען פערבונדען איינע מיט די אנדערע
און בילדען פאקטיש איין גרויסען אינטערנאציאָ־
נאלען פערבאנד. אפילו די פּאטריאָטישע קרופּ
פירמע פערקויפט אין שלום צייט און שטעלט צו
צו די מעהרסטע מלוכות וואפען און קאנאָנען. א
גרויסער טהייל פון די קאנאָנען פון וועלכע מען
שיסט איצט אויף די דייטשען זיינען אָהן צוויי־
פעל געמאכט אויף קרופּ'ס פאבריקען.

די שטראָף פאר קריעגס־קאָנטראבאנד.

די געוועהנליכע שטראָף פאר פיהרען
קריעגס־קאָנטראבאנד איז קאָנפיסקאציאָן אין
פאל מען כאפּט דאָס. אויב דאָס שיף געהערט
צו דעמזעלביגען אייגענטהימער, צו וועמען די
סחורה געהערט, ווערט אויך דאָס שיף קאָנפיס־
קירט. פּראָפעסאָר לאָרענס אין זיין בוך „די
פּרינציפּען פון אינטערנאציאָנאלען רעכט" ווייזט
גאנץ ריכטיג אָן, אז קאָנפיסקירען דאָס שיף
צוזאמען מיט די טרפה סחורה איז ניט לויט די
פּרינציפּען פון יושר. מען געהט ארויס פון דעם
שטאנדפונקט, אז אויב א מאן האָט א שייכות צו
א אונגעזעצליכער האנדלונג, דארף דער גאנצער
טהייל פון זיין פארמעגען, וואָס איז פערבונדען
מיט דער פערבאָטענער האנדלונג, קאָנפיסקירט
ווערען. אויב אזוי קומט אויס, אז ווען צוויי
נייטראלע אייגענטימער פון שיפען זאָלען פיהרען
זייערע אייגענע סחורות אויף די אייגענע שיפען,
פערלירען זיי לויט דעם דערמאנטען געזעץ אי די
שיפען אי די סחורה. זאָלען זיי זיך אָבער בייט־
טען — איינער זאָל פיהרען אויף זיין שיף דעם
אנדערענס סחורה — קאָן זיינען זייערע שיפען
זיכער פון קאָנפיסקאציאָן.

אין בעצוג צו דער פראגע געפינען מיר אויך,
אז אין פערשיעדענע צייטען און אין פער־
שיעדענע לענדער זיינען די מיינונגען וועגען דעם
געווען פערשיעדען. איין מיינונג איז געווען, אז
אויב נור די קאָנטראבאנד סחורה איז מעהר ווי
א העלפט פון דער גאנצער שיפסקארגא, מאכט
זי שוין טריף אויך דעם אנדער טהייל צוזאמען
מיט'ן שיף און מען דארף אלץ קאָנפיסקירען.
אנדערשוואו האָט מען געהאלטען, אז דערצו איז
נויטיג, ¾ פון דער שיפסקארגא זאָל זיין קאָנט־
ראבאנד. דער ארטיקעל 40 פון דער לאָנדאָנער
דעקלאראציאָן פון 1909 זאָגט: די קאָנפיסקא־
ציאָן פון שיף, וואָס פיהרט קאָנטראבאנד, איז
ערלויבט, ווען די קאָנטראבאנד מאכט אויס אָדער
אין ווערט אָדער אין וואָג מעהר ווי א העלפט
פון דער שיפסקארגא.

קאָנפיסקירען קען מען נאָר דאָס שיף, אויב
מען כאפּט עס אין מיטען ים, אָדער אין שונא'ס

וואסער אָדער אין די וואסערן פון צד, וואָס פיהרט די מלחמה. כאַפּט מען אָבער דאָס שיף אין נייטראלע וואסערן, קען מען עס ניט קאָנפיסקירען.

אויב דאָס שיף וואָס טראָגט קאָנטראבאנד, ווערט בעפרייט, פאַלען אַלע קאָסטען פאַר'ן ברענגען, פאַר'ן היטען דאָס שיף אָדער די פערכאַפּטע סחורה און די קאָסטען פון פרייז־געריכט אין גאנצען אויף דעם שיפּס־אייגענטימער.

אין פאַל אַ שיף האָט ניט געוואוסט, אַז קריעג האָט אויסגעבראָכען, קען יעדער פון די קריעג־פיהרענדע צדדים פערכאַפּען די סחורה, ער דאַרף אָבער בעצאהלען דערפאַר.

אויב אַ שיף וואָס פיהרט קריעגס־קאָנטראבאַנד, האָט געפעלשט די פּאַפּיערען, כדי צו בעהאַלטען דעם ארט, פאַר וועלכען די סחורה איז בעשטימט, אָדער אנדערע שווינדלען זיינען געמאַכט געוואָרען אום אָפּצונאַרען דעם שונא, קען דאָס שיף אויך קאָנפיסקירט ווערען, אפילו ווען די סחורה, וואָס עס פיהרט אַלס קאָנטראבאנד, מאַכט נור אויס אַ קליינעם טהייל פון דער גאַנצער שיפּס משא.

דאָס שיף, וואָס מען האָט ניט קאָנפיסקירט ווייל די קאָנטראבאנד איז נור געוועזען אַ קליינער טהייל פון זיין משא, קאָן ווייטער פאָהרען צום ציעל פון זיין רייזע, אויב זיין קאַפּיטאַן גיט איבער מיט'ן גוטען ווילען די קאָנטראבאנד צו דעם פאַנגער. דער פאַנגער קען די סחורה פאַרניכטען אין גאַנצען. דאָ איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז ווען אפילו די סחורה צוזאַמען מיט'ן שיף ווערען קאָנפיסקירט, ווערט קיינמאָל ניט גערירט קיין איינציגע זאַך, וואָס געהערט פערזענליך צום שיפּס־קאַפּיטאַן אָדער צו דער שיפּס־קאָמפּאַניע.

די צווייטע האַאַגער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ איינשטימיגען בעשלוס וועגען פּאָסט. דער ערשטער ארטיקעל פון דער רעזאָלוציאָן בעשטימט: „די פּאָסט־קאָרעספּאָנדענץ פון נייטראלע אָדער פון קריעג־פיהרענדע לענדער, פון וואָס פאַר אָפיציעלען אָדער פּריוואַטען כאַראַקטער זיי זאָלען ניט זיין, דאַרף ניט גערירט ווערען אויב מען כאַפּט עס אויפ'ן ים אין אַ נייטראַלען שיף אָדער אפּילו אין אַ שיף וואָס געהערט צו א קריעג־פיהרענדען צד. אויב דאָס שיף ווערט פערהאַלטען, מוז די פּאָסט ווייטער געשיקט ווערען פון דעם וואָס האָט געפאַנגען דאָס שיף מיט דער קלענסטער פערזוימונג ווי ווייט מעגליך. די פאָרשריפט בעציהט זיך אָבער ניט אויף קאָרעספּאָנדענץ, וואָס קומט פון אָדער וואָס געהט צו אַ בלאָקירטען האַפען“.

די סחורה אָדער דאָס שיף, וואָס ווערען פערכאַפּט, ווערען פערקויפט נאָכדעם ווי די פערכאַפּונג ווערט פון געריכט אנערקענט אַלס געזעצליך און דאָס געלד ווערט פאַרטהיילט צווישען די מאַנשאַפט פון שיף, וואָס האָט דאָס נייטראַלע שיף מיט דער קאָנטראבאנד געפאַנגען.

דאָס פרייז־געריכט.

געוועהנליך גילט דער כלל אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, אַז יעדער וואָס בעגעהט אַ פערברעכען אויפ'ן ים געהערט צו דער יוריסדיקציאָן פון יענעם לאַנד, אונטער וועמענס פלאַג דאָס שיף, אויף וועלכען דאָס פארברעכען איז בעגאַנגען געוואָרען, שווימט. דער דאָזיגער כלל ווערט אָבער ניט אָנגעווענדעט אין פאַל פון קריעגס־קאָנטראבאַנד. די פראַגע וועגען קאָנפיסקאַציאָן פון דער סחורה אָהן אָדער מיט דעם שיף ווערט געבראַכט פאַר אַ געריכט וואָס איז בעקאַנט אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט אונטער'ן נאָמען פרייז־געריכט—פאַר דעם געריכט פון לאַנד, וואָס האָט פערכאַפּט. דער פּראָצעס ווערט פערהאַנדעלט נאָך די געזעצען און בעשטימונגען פון לאַנד, צו וועלכען דאָס פרייז־געריכט געהערט.

אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקא פערהאַנדלען אַזעלכע קייסעס אין דער ערשטער אינסטאַנץ די דיסטריקט קאָורטס, אין ענגלאַנד ווערט בעשטימט צו דעם צוועק אַ ספּעציעלע קאָמיסיאָן. יעדעס לאַנד פון די, פערשטעהט זיך, וואָס האָבען אַ שייכות מיט'ן ים, האָט פעסטגעזעצטע כללים וועגען דעם אין זייערע געזעצביכער און די ריכטער זיינען פערפליכטעט צו האַלטען זיך אָן געזעץ.

נור אַ נייטראַלער האָט אַ רעכט צו ברייגען פאַר'ן פרייז־געריכט זיין קיים. אן אנגעהעריגער פון א קריעגפיהרענדען צד האָט אפילו דאָס רעכט אויך ניט. ווען מען פערכאַפּט זיינס אַ שיף איז לית דין ולית דין, כאָטש שריי צו גאָט.

דאָס געריכט זיצט געוועהנליך אין לאַנד פון פערכאַפּער. עס קען אָבער אויך זיצען אין לאַנד פון זיין אַ פערבינדעטען. עס דאַרף אָבער קיינמאָל ניט זיצען אין דער טעריטאָריע פון אַ נייטראַלער מלוכה אפילו אויב די נייטראַלע מלוכה זאָל געבען איהר צושטימונג דאַרויף.

דאָס פרייז־געריכט האָט נור צו ענטשיידען איבער דער פראַגע אויב דאָס פערכאַפּען פון דער סחורה איז געמאַכט אין הסכם מיט די געזעצען פון אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, דאָס הייסט אויב די סחורה איז ווירקליך קאָנטראבאנד און אויב דאָס פערכאַפּען איז געזעצליך. אין פאַל דאָס געריכט ענטשיידט, אַז דאָס פערכאַפּען איז גילטיג, ווערט די סחורה פאַרקויפט פער אויקציאָן. ענטשיידעט אָבער דאָס געריכט פערקעהרט, ווערט דאָס שיף מיט דער סחורה צוריק געקעהרט דעם שיפּס־אייגענטהימער. די רעגיערונג פון פערכאַפּער איז ניט פעראנטוואָרטליך פאַר די אַלע אומקאָסטען, וואָס דער שיפּס־אייגענטימער האָט, אָדער ווען די סחורה איז דערווייל פער־

דאַרבען געוואָרען, סיידען אַז מען קען נאָכוויי־
זען גרויסע נאַכלעסיגקייט מצד פון דער רעגיע־
רונג אין אָפּהיטען די סחורה אָדער דאָס שיף.

די גרונדלאַגע פון רעכט פאַר די פּריִיז־געריכטען איז דאָס רוימישע רעכט. פון פּריִיז־געריכט קען מען שטענדיג אַפּעלירען אין אַ העכערען געריכט. אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקא איז דאָס העכערע געריכט, צו וועלכען מען קאָן אַפּעלירען, דאָס יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט.

דער הויפּט חסרון פון די פּריִיז־געריכטען איז דאָס, וואָס דאָסזעלבע לאַנד וואָס פּערכאַפּט דאָס שיף, האָט צו זאָגען אויב דאָס פּערכאַפּען איז געמאַכט געוואָרען גזעצליך. דער אורטהייל איז דעריבער אָפּט פּאַרטייאיש. די אינטערנאַציאָנאַלע צווייטע האאַגער קאָנפערענץ פון 1907 האָט געזוכט דאָס צו רעגולירען. עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ קאָנסטיטוציאָן פאַר אַ אינטערנאַציאָנאַלען פּריִיז־געריכט, צו וועלכען מען זאָל קאָנען אַפּעלירען אויף די ענטשיידונגען פון די פּריִיז־געריכטען אין ערשטער אינסטאַנץ. 50 אַרטיקלען זיינען פאַראַן אין דער קאָנסטיטוציאָן.

דאָס געריכט דאַרף בעשטעהען פון 15 מיטגליעדער. ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן, רוסלאַנד, איטאַליען, די פעראייניגטע שטאַאַטען און יאַפּאַן, קליִיבען יעדעס אויס צו 1 פערטרעטער אין דעם פּריִיז־געריכט. די איבריגע 7 ווערען בעשטימט פון אַרגענטיניען, שפּאַניען, גריכענלאַנד, נאָרוועגען, האָלאַנד און טערקיי. פאַר דעם געריכט קאָנען געבראַכט ווערען אַזעלכע פעלע, וועלכע גרייפען אַן נייטראַלע רעגיערונגען אָדער זייערע בירגער. אויך קאָן געבראַכט ווערען פאַר'ן געריכט קלאַגען אויף אורטהיילע וואָס גרייפען אַן דעם שונא'ס אייגענטהום אין פאַל מען האָט פּערכאַפּט די משא פון דעם שונא אויף אַ נייטראַלען שיף אָדער אויף דעם שונא'ס אַ שיף אין נייטראַלע וואַסערן און דער פאַל איז ניט דיפּלאָמאַטיש רעגולירט געוואָרען, אָדער דער שונא בעהויפּטעט, אַז דאָס פּערכאַפּען איז געגען אַ טריטי, וואָס עקזיסטירט צווישען ביידע לענדער.

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פּריִיז־געריכט איז נאָך אָבער ניט איינגעפיהרט געוואָרען און מען קאָן נאָך ניט וויסען ווי עס וועט אַרבייטען.

בכלל הערשט נאָך אַן אמת'ער תהו ובהו אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, בעזונדערס אין זיין וויכטיגסטען טהייל וואָס גרייפט אָן די פעלקער, ניט די רעגיערונגען. דאָס רעכט געפינט זיך דאָ אין דער לאַגע פון די פריִיע פייער־קאָמאַנדעס אין די קליינע שטעדטלאך אין רוסלאַנד. ווען אַ פייער ברעכט אויס איז שטענדיג קיין וואַסער ניטאָ, אָדער די קישקע איז געפּלאַצט, אָדער די פעסלאך זיינען אַזוי צוטריקענט, אַז די רייפען זייערע פאַלען אַרונטער. די רעגיערונגען האָבען זיך זעהר פיעל מיה געגעבען אויסצואַרבייטען אַלגעמיינע רעגעלען פאַר די צערעמאָניעס פון די קייזערליכע הויפען און דערגלייכען נאַרישקייטען. די וויכטיגסטע פראַגען אָבער שטעהען נאָך היינט אַזוי ווי פאַר דריי הונדערט יאָהר צוריק. דאָס אַלטע שפּריכוואָרט: „אין קריעג שווייגען די געזעצען“ איז זעהר ריכטיג אויך בנוגע צו די ציוויליזירטעסטע לענדער. אין פריעדענסצייט דאַרף מען די אַלע כללים פון קריעגס־רעכט ניט. אין קריעגס־צייט רעכענט מען זיך מיט זיי זעהר ווייניג, ווי די פּראַקטיק פון דער איצטיגער מלחמה האָט געצייגט. מען דאַרף בעסער זוכען מיטלען ווי אַזוי דעם קריעג אין גאַנצען אָבצושאַפען, איידער זיך צו קליגען דעריבער, ווי אַזוי דעם קריעג צו מאַכען הומאַן“.

מ. אַשעראָוויץ

ניט פערשפּעטיגט

1.

אויף אַלעמען האָט משה זיידענבערג געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צושטרייטען, זעהר צוטראָגענעם מענשען, וואָס קלערט גאָר ניט וועגען דעם, וואָס אַרום איהם טהוט זיך און אַפילו ניט וועגען דעם, וואָס ער אַליין טהוט. אין דער אמת'ן אָבער איז ער געוועזען אַן אויסגערעכענטער, פּראַקטישער מענש, קיין זאַך האָט ער ניט געטהאָן ביז ער האָט ניט אַלעס גוט אַרומגעקלערט און פאָראויסגעזעהן, אַז פון דעם וועט איהם אַליין קיין רעה ניט אַרויסקומען און די בעקאַנטע וועלען אויף איהם קיין שלעכטס ניט דאַרפען זאָגען.

בעזונדערס פאָרזיכטיג איז ער געוואָרען זינט ער האָט אָנגעהויבען אַריינגעהן צו די שטיינוואַלד'ס אין הויז, און די מיסעס שטיינוואַלד אַליין, אַ שעהנע ווייבעל פון אַ יאָהר צוויי־דריי און דרייסיג, צו וועלכער דער מאַן האָט זיך בעצויגען מיט גרויס דרך־ארץ און אכטונג דערפאַר, וואָס זי איז געוועזען אַ געלערענטע און אַ קלוגע — זי אַליין איז מיט איהם

געוואָרען אזוי בעפריינדעט און היימיש, אז זי האָט איהם שוין ביי פיעלע געלעגענהייטען, מיט כלומר'שטען שפּאַס, אזוי געזאָגט:

— פון אייך איז דאָך אָבגערעדט; אזעל־כע גוטע מעלות, ווי איהר האָט, פערמאָגט ניט קיינער...

זיינע נאָהענטע בעקאַנטע האָבען פון איהם געהאַלטען אן עולם ומלאה. צווישען זיך האָבען זיי איהם אנדערש ניט גערופען, נאָר — משה'קע. אָט דער בן יחיד'יש פערצויגענער נאָמען איז איהם פערבליבען נאָך פון יענע יאָהרען, ווען ער איז געווען זעהר א חשוב'ער ביי די עלטערן און א גרויסער מתמיד אין דער ישיבה.

אזוי ליעב געהאַט האָבען איהם זיינע פריינד, אז פון יעדער קליינינקייט, וואָס ער האָט געטהאָן, האָבען זיי געפונען פאר נויטיג צו ריידען און צו לויבען איהם דערביי אין טאָג אריין.

דארום זיינען טאַקע אַלע שטאַרק אי־בערראַשט געוואָרען, ווען זיי האָבען זיך דער־וואוסט, אז ביי איהם אין שאַפּ סטרייקען די ארבייטער שוין צוויי וואָכען צייט און ער האַלט זיך שטאָל און אייזען און וויל זיי בשום אופן ניט נאָכגעבען.

— ביי זיידענבערג'ען זאָל מען גאָר דאַרפען סטרייקען! ער איז דאָך א סאָציאַליסט!

די מיסעס שטיינוואַלד האָט דאָס גאָר ניט געקענט פערשטעהן. — סטייטש ווי קומט דאָס? זי האָט דערפון אזוי פיעל עגמת נפש געהאַט, אַז זי האָט מיט קיינעם וועגען דעם ניט געוואָלט ריידען, און דארום האָט זי זיך טאַקע גוט אויסגעבייזערט אויף איהר קאָזין מאַקס לי־טינסקי, אויף דעם לאַנגען בחור, וועלכער איז איצט, ווי אויף צולהכעיס צוגעשטאַנען צו איהר מיט טענות:

— נו, זאָג אַליין, בין איך דען ניט גע־רעכט? איך האָב אָבער שטענדיג געזאָגט — —

— שאַ, שאַ! כאַפּ זיך ניט אזוי! — האָט זי איהם איבערגעריסען מיט כעס — מיסטער זיידענבערג וועט קומען, וועלען מיר שוין אַלעס וויסען.

זיידענבערג איז אָבער ניט געקומען. צופיעל צוטומעלט איז ער שוין דעמאָלט געווען, מיט זיינע פריינד האָט ער זיך ניט געוואָלט זעהן; צו לאַנג האָט ער, א פערקלערטער, אין די הייסע פריהמאָרגענס, זיך אויפ'ן באַלקאָן אָנגעהויבען ארומדרעהען און זיך רק קיין עצה ניט געקענט געבען, וואָס ער זאָל איצט טהאָן.

ס'איז געווען קלאָר: נאָכגעבען די ארביי־טער הייסט האָבען וועניגער היבשע עטליכע דאָלער פערדיענסט. און דאָס קען ער בשום אופן ניט טהאָן. ערשטענס דערפאַר, וואָס ער איז שוין אזוי צוגעוואוינט געוואָרען ס'זאָל איהם אויסטראָגען דורכשניטליך הונדערט און פופציג דאָלער א וואָך, אז ער ווייסט שוין גאָר ניט, ווי אזוי ער וואָלט געקענט אויסקומען מיט וועניגער; און צווייטענס, האָט ער דאָך גאָר גערעכנט, אז מיט דער צייט, ווען די געשעפטען וועלען אוועק גאָר גוט און ער וועט שוין האָ־בען היבשע עטליכע דאָלער אין באַנק, וועט ער זיך גאָר אָנהויבען פערלאָזען אויף זיין שוועסטער און אַליין וועט ער אריינטרעטען אין קאָלעדזש.

אָבער עס זיינען אוועק טעג און טעג און די ארבייטער, לאָ די זיי האָבען זיך ניט אונ־טערגעגעבען, האָבען זיי איהם נאָך אָבגעטהאָן אזא שפּיצעל: זיי האָבען זיך געווענדעט צו דער פּאַרטיי מיט א קשה, אז זי, די פּאַרטיי, זאָל זיך אין דעם אריינמישען און זעהען, אז דער סטרייק זאָל געסעטעלט ווערען.

דאָס האָט איהם גאָר צוטומעלט. אויף אזא קלאַפּ האָט ער זיך ניט גערעכט. דער קאָפּ איז איהם געגאַנגען כאַדראָס — וואָס זאָל ער איצט טהאָן? פאַר דער פּאַרטיי וועט דאָך ניט גילטען דער תירוץ, אז ער מוז האָבען א סך געלד, כדי ער זאָל קענען אין קאָלעדזש אריינטרעטען. טו ווי זשע דרעהט מען זיך דאָ אוים? ער האָט זיך גאָר קיין עצה ניט געקענט געבען, געזוכט פערשיעדענע תירוצים ביז ער האָט סוף כל סוף בעשלאָסען אָט וואָס:

קודם כל וועט ער ערקלערען, אז די ארביי־טער פאָדערען פון איהם צופיעל דערפאַר, וואָס זיי ווייסען, אז ער איז א סאָציאַליסט. און חוץ דעם — וועט ער זאָגען — וואָלט ער אַליין געוואָלט זעהר צופריעדען, אז די ארבייטער זאָלען פערדיענען וואָס מעהר; מהיכי תיתא, זאָל אפילו מאָרגען שוין קומען די סאָציאַלע רעוואָ־לוציאָן... אָבער לעת עתה דאַרף מען דאָך ניט פערגעסען, אז ער איז ניט איינער אויפ'ן יריד; די קאָנקורענץ איז גרויס און די קונים וועלען איהם דאָך ניט בעצאָהלען טהייערער ווי אן אנדערן...

אָט אזוי וועט ער זיי דאָס געבען צו פער־שטעהן קלאָר און געלאַסען, און זאָלען זיי זאָ־גען צי ער איז ניט גערעכט!

אין דרויסען איז שוין דעמאָלט געווען א אונערטרעגליכע היץ, מענשען זיינען האַלב־נאַ־קעטע ארומגעגאַנגען אין די גאַסען מיט פער־שוויצטע פּנים'ער און מיט איינגעזשמורעטע אויגען. אין דער גאַס, וואו ער האָט געוואוינט, איז געווען שטיל און ריין. זעלטען האָט אהער, פון די רוישיגע, שמוציגע גאַסען, א פּעדלער פערבלאָנדזשעט און מיט א ניגון אויסגעשריען פויל און צוצויגען:

— פּאָטייטאָס! טאָ־מייטאָס! עפּעל־עפּעל!

ביי איהם אין שטוב זיינען די פאַרהאַנגען אויף די פענסטער געווען ארונטערגעצויגען. די ווינטעלאַטאָרס האָבען געיאָגט א קיהל ווינטעל איבער די רייך־אויסגעמעבלירטע צימערן. פון קיך האָט זיך געהערט א קלאַפּען פון געפעס

און אַלע מאָל איז פון דאָרט אַריינגעלאָפען פייגע, זיין פרוי, אַ מיאוס'ע דיקע אידענע, וועלכע האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דעם, וואָס זי קומט אַרויס פון אַ רייכער בעל־הבית'ישער פאַמיליע. צום וויפיעלטען מאָל האָט זי איהם אָנגעזאָגט אַלץ דיזעלבע בשורה:

— באַלד־באַלד, משה'לע, געהען מיר עסען.

ס'האָט איהם אַזוי פערדראָסען:

דרעהט זיך אַרום אַ אידענע אין שטוב און דאָס איינציגע, וואָס זי האָט איהם איצט צו זאָגען, איז בלויז — „באַלד־באַלד, משה'לע, געהען מיר עסען“... און איצט, נאָך מעהר ווי אַלע מאָל, איז ביי איהם אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, וואָס מיט אָט דער פשוט'ער אידענע, מיט וועלכער ער קען קיינמאָל פון קיין ערנסטע זאַכען ניט ריידען דערפאַר, וואָס זי פערשטעהט ניט פון דאַנען אַהין — מיט איהר לעבט ער שוין זיבעצעהן יאָהר צייט!... — ס'אַראַ נאַרישע וועלט ס'איז אַמאָל געווען! פאַרוואָס האָט מען איהם געהאַלטען אין דער ישיבה ביז ער האָט בעקומען סמיכות אויף מורה הוראה? כדי מען זאָל איהם נאַכהער חתונה מאַכען מיט אָט דער אידענע, וואָס קומט אַרויס פון אַ שעהנעם יחוס און קען קאָכען געשמאַקע אָנבייסענס?!... — און ער אַליין, ס'פערשטעהט זיך, איז אויך געווען אַ נאַר, טאַקע גאָר־גאָר אַ גרויסער נאַר; בנאמנות, ער שעמט זיך נאָך עד היום ווען ער דערמאָהנט זיך, אַז מיט יאָהרען צוריק, ווען ער איז אין אַמעריקאַ געקומען, איז ער נאָך געווען אַזוי פרום, אַז ער איז גאַנץ פריה און פאַרנאַכט געגאַנגען דאַווענען... אָבער מילא וואָס ער איז אַמאָל געווען! איצט אָבער, איז ער דאָך גאָר אַן אַנדער מענש, מען קען טאַקע זאָגען — אַ געבילדעטער מענש. און זי, אָט די קליינשטעדטעלדיגע מיוחסת — ווי אַ שטיין, ניט פון אָרט...

— אַז איך בין גאָר ניט הונגעריג. — האָט ער איהר נאָכגעשריען פערדריסליך — וואָס דולסטו מיר אַ מח מיט'ן עסען?

פייגע האָט אַ פנים געמיינט, אַז ער איז שטאַרק צוטראָגען בלויז דערפאַר, וואָס די אַרבייטער סטרייקען, האָט זי געפונען פאַר נויטיג איהם צו טרויסטען מיט אַזעלכע קלוגע ווערטער:

— זעה נור, וואָס ער נעהמט זיך דאָ צום האַרצען! כ'זאָג דיר, טאַקע דאָ וואָס צום האַרצען זיך צו נעהמען, אומשטיינס געזאָגט...

און אין מיטען דערינען:

— דו ווייסט, משה, היינט האָב איך פאַר דיר געמאַכט אַ לעבער מיט אַ ציבעלקעלע. דו האָסט דאָך ליעב אַ לעבער מיט אַ ציבעלקעלע...

— אַזוי, אַ לעבער מיט אַ ציבעלקעלע! — ער האָט געשמייכעלט און געהייסען האָט דאָס:

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען!

ביים עסען האָט זיך איהם פערגלוסט אַ שפאַס צו טהאָן. ער האָט געפרעגט:

— אַ שטייגער, וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען מען זאָל מיך אויסשליעסען פון דער פאַרטיי?

— וואָס הייסט, וואָס וואָלט איך געזאָגט? איך וואָלט געזאָגט, אַז... פאַר וואָס זאָל מען דיך אויסשליעסען פון דער פאַרטיי?

און עס איז געווען אַזוי לעכערליך צו העררען ווי זי גיט אַ רעד הויך, אויפ'ן קול, מיט קליינשטעדטעלדיגער ברייטקייט; פערפלאָנטערט זיך און הויבט אָן נאָך העכער:

— טאַקע פאַר וואָס זאָל מען דיך אויסשליעסען!

דעם טאָג האָט שוין זיידענבערג ניט געקענט איינזיצען אויף קיין אָרט. עטליכע מאָל איז ער געווען אין שאַפ. בעטראַכט די איבערגעדעקטע מאַשינען און די לאַנגע גלאַטע טישען, וועלכע זיינען איהם שטענדיג געווען נמאס און פרעמד. די שטילקייט האָט איהם געערגערט, האָט ער פון היימליכקייט וועגען געלאָזט לויפען די מאַשינען — זאָל הודזשען אַ ביסעל און ער וועט זיך גלאַט אַזוי אַרומדרעהען איבער'ן שאַפ! דעמאָלט האָט ער אַזוי געקלערט: אייגענטליך איז ער דאָך אַ באָס, וואָלט טאַקע געווען גוט, ווען ער זאָל איצט קענען זיין אַ באָס מיט אַלע קליפערלאַך: מען סטרייקט, דאַרף מען אַרויפנעהמען אַנדערע אַרבייטער... נור באַלד האָט ער זיך פערכאַפט:

— ניין, דאָס ניט! זאָל נאָך אַוועק אַ שטיקעל צייט...

ער האָט אָבגעשטעלט די מאַשינען און איז ווידער אַרויס אין גאַס.

ס'איז געווען ענג און דושנע. טויזענדער און טויזענדער מענשען האָבען זיך פון די שעפער איבער די גאַסען אַ לאָז געטהאָן, די מענשען־כוואַליע האָט אָהן אויפהער געשטראָמט, פול־געפאַקטע קאַרס האָבען זיך איינע נאָך דער אַנדערער געיאָגט, מיט אַ משונה'דיגער פייפעריי זיינען אויטאָמאָבילס הין און הער געלאָפען, וועגלאַך מיט פערשיעדענערליי ביליגע אַרטיקלען זיינען אין אַ לאַנגער שורה איינס נעבען אַנדערן געשטאַנען, די פערקויפער האָבען איינער דעם אַנדערן געוואָלט איבערשרייען אויסרעכנענדיג די שפאָט־ביליגע פרייזען פון זייער סחורה. אויף אַ וואָגען זיינען, איינער קעגען אַנדערן, געשטאַנען צוויי אידען, ביידע האָבען געמאַכט עפעס אַזעלכע אידיאָטישע העוויות, אויף די הענד האָבען זיי זיך אָנגעטהאָן קאָלירטע זאָקען און מיט אַלע כוחות געגוואַלדעוועט:

— די בעסטע זאָקען מיט פינף סענט אַ פאָאַר!

פאַר די פיס האָבען זיך געפלאָנטערט אינגלאַך און מיידלאַך מיט שווערע פעקלאַך

צייטונגען אונטער די ארעמס און יעדער איינער האט מיט אן אנדער ניגון אויסגערופען:

— „פארווערטס", „ווארהייט", „טאגעבלאט"!

אלעס האט זיך בעוועגט און געטומעלט, און אין דעם טומעל האט א קאטערינקע אריינגעליארעמט עפעס אזא הארציגען, אומעטיגען ניגון:

— ראזלוקא טי ראזלוקא.

זיידענבערג האט איצט קיין חשק ניט געהאט אהיים צו געהן; ס'האט זיך איהם געוואלט ריידען מיט א נאהענטען מענשען, וועלכער זאל איהם גוט פערשטעהן, מיט וועלכען ער זאל זיך קענען אן עצה האלטען און ער איז געוועזן זיכער, אז נור די מיסעס שטיינוואלד וועט איהם די קליגסטע עצה געבען. ער האט זיך אפילו אביסעל געשעמט צו ווייזען זיך פאר איהר איידער ער וויים איהר מיינונג וועגען דעם סטרייק, וואס געהט איצט אן ביי איהם, דאך איז ער אויף דער נאכט אהין אוועק.

דארטען האט ער שוין געטראפען די שטענדיגע בעזוכער, וועלכע פלעגען זיך אלע אויף דער נאכט צונויפקומען אהער ריידען איבער פערשיעדענערליי וועלטליכע פראגען.

דער בעל הבית אליין, אברהם שטיינוואלד, א פשוט'ער יונגער מאן מיט צוויי גרויע קינדערשע אויגען, וואס קוקען שטענדיג אזוי ווי זיי וואלטען צו קיינעם קיין טענות ניט געהאט — ער האט זיך בכלל ווייניג וואס אין די דעבאטעם בעטייליגט, ארויסגעקוקט אויף דער געלעגענהייט צו קענען זאגען כאטש א פאאר ווערטער כדי ס'זאל אויסקומען, אז ער שטעהט אויך ניט אב פון קהל.

די ווערטער פלעגען ביי איהם גראדע ארויסקומען גאנץ גלאט. פלעגט ער אבער באלד צו-נעבעכדיג זיך צושמייכלען און ווארפען ניט זיכערע בליקען אויפ'ן עולם און פלעגט זיך אויסדרעהען:

— אפשר וואלטען מיר גאר געטרונקען טהע? אנגיסען אייך?

דעמאלט האט זיידענבערג צופריעדען געשמייכעלט און געקלערט פון דעם, וואס שטיינוואלד איז א גרויסער שוטה און האט דאך אזא וואוילע, אזא שעהנע ווייבעל.

צוליעב איהר, אט דער שעהנער, וואוילער ווייבעל, האט ער עטליכע מאל די גילדענע פענסנע אויף דער נאז צורעכט געמאכט און מיט שטאלץ און זעלבסטווירדע דערצעהלט פאר וואס ער האט די ארבייטער ביז איצט ניט נאכגעגעבען; ווי ער דענקט אין גיכען אויסצוקומען מיט זיי ווי עס איז, און ווי אזוי ער וועט נאכ'ן סטרייק אפשר גאר פערגרעסערן דעם שאפ מחמת פיעלע טעמים...

— וואס דענקט די מיסעס שטיינוואלד וועגען דעם — דארף מען איהם דערפאר אויסשליעסען פון דער פארטיי צי ניין?

די מיסעס שטיינוואלד האט זיך ערנסט פערקלערט און געענטפערט זיכער:

— מען דארף אייך ניט אויסשליעסען פון דער פארטיי.

און כדי ער זאל ניט מיינען, אז דאס זאגט זי גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, האט זי דאס איהם געגעבען צו פערשטעהן מיט א שכל:

— מען דארף ניט פערגעסען — האט זי אויטאריטעטיש געזאגט — אז ביי אונז, אידען, זיינען נאך קיין פעסט געשטעלטע קלאסען ניטא. די פעהיגע, אינטעליגענטע מענשען, וועלכע מוזען דא די ערשטע צייט ארבייטען אין די שעפער, ווערען סוף כל סוף אוים ארבייטער, אבער סאציאליסטען זיינען זיי. און ווער ווייסט דען ניט, אז זעהר פיעל אזעלכע ווערען באסעס, וואלט דאך אויסגעקומען אויסצושליעסען די אינטעליגענטעסטע מענשען פון דער פארטיי.

— דאס איז א געדאנק! — האט זיידענבערג גאר אנגעקוואלען און אגב זיך איבערגעוואונקען מיט ישראל גרינבערג, זיידענבערג'ס א פריינד שוין פון כמה יאהרען, וואס דאס האט געהייסען:

— אי פערשטעהט זי גוט א זאך!

אברהם שטיינוואלד האט א צופריעדענער געשמייכעלט — א קליינינגקייט עפעס, משה'לע זיידענבערג אליין קוועלט אזוי אן פון זיין ווייבעל'ס שכל'דיגע מיינונגען! דארום האט ער זיך טאקע גוט אויסגעבייזערט אויף זיין צעהןיעהריגען אינגעלע בעני, דערפאר וואס ער איז אין מיטען דערינען אריינגעלאפען מיט א געוויין:

— מא-מא! יעטא האט צוגענומען מיין באל!

— געה דיר! געה דיר! — האט ער איהם פון שטוב געטריבען — ער זעהט, אז מען רעדט, איז ער אריין מיט'ן באל.

ביז שפעט אין דער נאכט האבען זיי אלץ גערעדט וועגען אט דער זעהר וויכטיגער פראגע. זיידענבערג האט אלע מאל געדארפט איינשטילען מאקס'ן, וועלכער האט ליעב געהאט צו קאכען זיך, אום צו ווייזען זיין לומדות. ער האט אלעמען איבערגעשריען און געשפרונגען מיסים שטיינוואלד אין פנים אריין.

— שאט, שרייט ניט אזוי! — האט ער זיך ביי איהם געבעטען — מען הערט דאך גאר ניט, וואס מען רעדט.

און צו דער מיסים שטיינוואלד:

— וואס האט איהר געזאגט? איך האב ניט איינגעהערט...

אזוי פיעל האט איהם אינטערעסירט איהר מיינונג, אז ער האט קיין איין ווארט ניט געוואלט פערפעהלען צו הערען.

און נאך דעם, ווען ער איז צוזאמען מיט ישראל גרינבערג אהיים געגאנגען, איז ער שוין געוועזן צוטראגען און פערקלערט. אין גאס איז

געוועז שטיל, זעלטען האָט א פארביילויפענדע קאר שוין צופיעל טומעל אין דער שטילקייט אָנגעמאכט, און ישראל האָט דעמאָלט, האסטיגער ווי אַלע מאָל, די ארבעל פון דעם רעקעל גערוקט, געמאכט מיט די הענד און מיט התפעלות עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט:

— איך זאָג דיר, משה, א גאונ'ישען קאָפּ האָט זי. טאקע גאָר א גאונ'ישען קאָפּ, זאָג איך דיר.

זיידענבערג האָט געשוויגען און ישראל — בטבע א סענטימענטאלער, אָפּגעהערציגער מענש, האָט איצט געמוזט ארויסזאָגען אזא חקירה:

— די גאנצע וועלט טויג אויף כפרות און דאָס לעבען טהוט אָב די מענשען אזעלכע שפיצלאך, אז ממש די גאל קען צופיקעט ווערען.

אָט די חקירה האָט איהם אפנים אליין ניט צופריעדענגעשטעלט, האָט ער אָנגעהויבען ריידען געגויער:

— זאָג אליין, איך און דו — עפּעס זיינען מיר דאָך גאנצע מאכערס, פון תמיד אָן געלערענט און געלייענט — ווערען מיר זיידענע יונגעלייטלאך, איידימלאך אויף קעסט; גענומען, התונה געמאכט אונז און — גאָר ניט. און שטיינוואלד, א יונגערמאן פון א גאנץ יאָהר, וואָס ווייסט ניט פון קיין חכמות — ער האָט אזא ווייבעל, אזא ווייבעל!...

עס פערשטעהט זיך, אז מיט דעם מיינט ער חלילה גאָר ניט. איצט ווען ער האָט שוין דערוואקסענע קינדער פון זיבעצעהן־אכטצעהן יאָהר, איז שוין ניט די צייט אין זינען צו האָבען נארישקייטען. זאָגען זאָגט ער דאָס נור, כדי אויסצובריייען, אז די וועלט איז קיין וועלט ניט, און ס'איז זעהר ניט גוט, ווען מען ווערט געבאָרען צו פריה און מען קומט צום שכל צו־שפּעט...

און ער מיינט דאָס טאקע:

— אזא ווייבעל דארף וואשען טעפּלאך און קאכען אָנבייסען! עפּעס איז דאָס ניט פאר איהר...

ס'איז שוין געווען גאנץ שפּעט ווען זיידענבערג איז אהיים געקומען. אין קאָפּ האָט זיך איהם עפּעס נעבעלדיג געפּלאָנטערט, אז דאָס, וואָס ישראל האָט גערעדט וועגען ערוואקסענע קינדער, האָט עפּעס א שייכות מיט דעם, וואָס ער האָט ניט קיין קינדער. וואָלט ער אפשר איצט, אין די שטילע פינסטערע צימערן, געווען געקלערט וועגען דעם אביסעל מעהר און דרייסטער, האָט זיך אָבער פייגע אין מיטען דערינען אויפגעכאפּט און פון איהר שלאָף־צימער צו איהם ארויסגעשריען:

— ס'איז דו, משה? ווי שפּעט איז שוין איצט?

און ער האָט איהר געענטפערט מיט א בייזער:

— און אז שפּעט, איז וואָס?!

(פאָרטזעצונג קומט)

וו. קאַסאָווסקי

דער יקרות*)

1.

דער יקרות איז אן אינטערנאציאָנאלע ערשיינונג, ער פיהלט זיך אומעטום. ערקלערען ערקלערט ער זיך מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאליזם אין דער היינטיגער געזעלשאפט. אין איינצעלנע לענדער שטעהט דער יקרות אויף א פערשיעדענער מדרגה: דאָ איז ער שטארקער, דאָ שוואכער. דאָס שטאמט ערשטענס דערפון, וואָס די בעדינגונגען, ביי וועלכע עס קומען פאָר די פּראָדוקציע און דער פערקעהר (קאָמוניקאציע), זיינען אין פערשיעדענע לענדער פערשיעדען, און צווייטענס דערפון, אויף ווי פיעל די מלוכה־מאכט ווירקט — אויפ'ן געזעצגעבערישען און אדמיניסטראטיווען וועג — אויף די פרייזען מיט איהר ווירטשאפטליכער פאליטיק.

2.

די פרייזען אויף סחורות, ספּעציעל אויף פּראָדוקטען פון מאסען־בעדארף, האָבען

*) צום אינטערנאציאָנאלען סאָציאליסטישען קאָנגרעס, וואָס האָט געדארפט פאָרקומען ענדע אויגוסט אין וויען, האָט אָטאָ בויער, דער בעוואוסטער טהעאָרעטיקער פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צוגעשטעלט, לויט דעם אויפטראג פון דעם

אָנגעהויבען שנעל צו שטייגען מיט 20 יאָהר צוריק. פאַר דער דאָזיגער צייט זיינען די לעבענס־מיטלען טהייערער געוואָרען פון 20 פראצ. (רוסלאַנד) ביז 50 פראצ. (פעראייניגטע שטאַאטען פון צפון־אַמעריקאַ).

די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג, וואָס האָט ארויסגערופען דעם יקרות, איז געגאַנגען די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהרען מיט א מורא'דיג שנעלען גאַנג. פערשיעדענע סבות האָבען געטריבען אין דער הויך די אינדוסטריע.

קודם כל האָט די טעכניק געמאַכט א געוואַלטיגען פאָרטשריט. א דאַנק דעם האָט מען אויסגעפונען נייע אָדער פיעל פערבעסערט די אַלטע מעטאָדען צו בעקומען קראַפט (דאַמף, עלעקטריע) און רויה־שטאָף (קוילען, אַייזען) און צו בעאַרבייטען מעטאַלען. עס איז פאָרגעקומען א גאַנצע איבערקעהרעניס אין די מיטלען פון פערקעהר (אויטאמאבילען, עלעקטרישע גאַסען־באַהנען, נייע מינים שיפען, טעלעגראַף אָהן דראָטען א. ז. וו.) און אין די אופנים צו בויען הייזער און שטעדט.

די ענטוויקלונג פון דער טעכניק האָט געהאָלפען צו פערבעסערן די סאַניטאַרישע בעדינגונגען פון לעבען: די שטערבליכקייט איז געפאַלען, דער דורכשניטליכער לעבענס־עלטער איז לענגער געוואָרען און די בעפעלקערונג האָט זיך שטאַרק פערמעהרט (א חוץ די לענדער, וואו דער צאָהל פון געבורטען האָט זיך אונגעוועהנליך פערקלענערט, ווי אין פראַנקרייך); נאָך מעהר איז די בעפעלקערונג געוואַקסען אין די לענדער, וואָס האָבען פערמאָגט צוצוציהען מאַסען איינוואַנדערער, ווי די פעראייניגטע שטאַאטען פון צפון־אַמעריקאַ.

ווייטער, א דאַנק וואָס די פערקעהרס־וועגען האָבען זיך שטאַרק ענטוויקעלט (דער נעץ פון די אייזענבאַהנען איז אין די יאָהרען 1891—1911 לענגער געוואָרען אויף 71 פראָצענט), האָבען זיך געעפענט פאַר'ן קאַפּיטאַליזט נייע מערק און נייע ערטער אויף אָנצוּווענדען דעם קאַפּיטאַל (בראַזיליען, פערסיען, קאָרעאַ) און אין די אַלטע ערטער (כינא, יאַפּאַן, אינדיען, אַרגענטינע און ז. וו.) איז דער סכום איינגעפיהרטע סחורות געוואַקסען פון 2 ביז 5 מאָל. דער איירָאָפּעאישער און אמעריקאנישער קאַפּיטאַליזם האָט ווייט אויסגעשפרייט זיינע רויבער־פליגלען.

לסוף, די פּראַדוקציאָן פון גאָלד, וואָס איז נויטיג, כדי די סחורות זאָלען ארומלויפען און זיך בייטען איינע אויף די אַנדערע, איז אויך אויסגעוואַקסען אין דרייען, און א דאַנק דעם האָט דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען זיך געקענט גיכער ענטוויקלען.

די געוואַלטיגע ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, וואָס איהרע וויכטיגסטע סבות האָבען מיר דאָ אנגעוויזען, האָט געפיהרט צו צוויי רעזולטאַטען: ערשטענס, נויטיגט מען זיך אין אַלץ גרעסערע מאַסען רויה־שטאָף, ווי קויהלען, אייזען, בוימוואָל, און צווייטענס וואַקסט מורא'דיג גיך דער אָנפרעג אויף לעבענסמיטלען, ווייל די ארבייטער האָבען זיך דערשלאָגען, דורך די קראַפט פון זייערע געווערקשאַפטען, צו העכערע שכירות; די פאָלקסמאַסען זיינען אויסגעוואַקסען אין קולטורעלען הינזיכט און האָבען בעקומען נייע בעדערפנישען; די נאַטוראַל־ווירטשאַפט אויפ'ן דאָרף ווערט אַלץ מעהר אַרויסגעשטופּט דורך די געלד־ווירטשאַפט און דער פויער ארבייט אַלץ ווייניגער פאַר'ן אייגענעם בעדאַרף און ווערט אַלץ מעהר א קויפער פון סחורות, וועלכע ער האָט פריהער אַליין געשאַפען.

צוּשטעלען רויה־שטאָף, ווי בוימוואָל, שעפּסען־וואָל, פעל און פּראָדוקטען פון מאַסען־געברויך, ווי ברויט, פלייש, מילך, פּוטער, קען נור די לאַנדווירטשאַפט. די ענטוויקלונג אָבער פון דער לאַנדווירטשאַפט איז אָבגעשטאַנען פון דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע; די לאַנדווירטשאַפט איז טיילווייז גאָרניט אימשטאַנד געווען צו פּראָדוצירען אַזוי פיעל, ווי פיעל עס האָט זיך געפאָדערט. טיילווייז, האָט זי געקענט בעפריעדיגען דעם בעדאַרף נור מיט מעהר הוצאות, ווי פריהער. אָט דאָס וואָס עס פעהלט די ריכטיגע פּראָפּאָרציע צווישען אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט איז די ערשטע סבה פון יקרות.

.3

פאַר וואָס האָט זיך די לאַנדווירטשאַפט ענטוויקעלט לאַנגזאַמער, ווי די אינדוסטריע? מערב און מיטעל איירָאָפּאַ זיינען שוין פון לאַנג אָן אינדוסטריאַליזירט, דער פויער אנטלויפט פון דאָרף. אומעטום, א חוץ איטאַליען און דאַניען, איז די דאָרפישע בעפעלקערונג שוין קלענער ווי די שטאָדטישע און שמעלצט פון טאָג, די לאַנדווירטשאַפט שפּילט אַלץ א קלענערע ראָלע און איז ניט אימשטאַנד צו פערזאָרגען די דאָזיגע לענדער מיט דעם נויטיגען סכום פּראָדוקטען. די אינדוסטריעלע מלוכות פון מערב און מיטעל־איירָאָפּאַ מוזען דעריבער און האָבען געמוזט שוין מיט א צייט יאָהרען פריהער בעקומען א גרויסען טייל פון נויטיגע רויה־שטאָפען און לעבענסמיטלען פון אויסלאַנד.

אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ביוראָ, א בעריכט וועגען יקרות פאַר די קאָנגרעס־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך געדאַרפט מיט דער פראַגע פערנעהמען. דער בעריכט, וועלכער איז פונאַנדערגעשיקט געווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז צוזאַמענגעשטעלט זעהר אויספיהרליך און דורכגעטראַכט ביז'ן קלענסטען פּרט. אַזוי ווי ער איז זעהר גרויס, מוזען מיר זיך בעגרענעצען מיט'ן בעקאָנען דעם לעזער בלויז מיט זיין אידעענגאַנג.

דאס לאנד, וואס וואלט געקענט אין דעם הינזיכט זיי פאלקאם בעפרידיגען, איז רוסלאנד, וואס האט אין זיין אייראפעאישען טייל אונטער לאנדווירטשאפט א שטח ערד גרעסער ווי ביי אלע איבעריגע אייראפעאישע מלוכות צוזאמען. נאר די רוסישע לאנדווירטשאפט איז אזוי אבגעשטאנען — איהר פראדוקטיוויטעט איז 3—4 מאל קלענער, ווי אין מערב און מיטעל־אייראפא, — אז וועגען דעם קען גאר קיין רייד ניט זיין. די איבעריגע אגראר־לענדער פון מזרח־אייראפא (בולגאריען, סערביען, רומעניען און ז. וו.) זיינען זעהר קליין און אויך אבגעשטאנען. די אינדוסטריעלע אייראפא האט דעריבער געמוזט זיך פערשאפען לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען פון יענער זייט ים, קודם כל פון אמעריקא.

אין די זיבעציגער און אכציגער יאהרען פאריגען יאהר־הונדערט האט צפון־אמעריקא (פעראייניגטע שטאאטען) אריינגעפיהרט אין אייראפא מאסען פראדוקטען פון איהר לאנדווירטשאפט צו זעהר ביליגע פרייזען, ווייל זי האט געהאט א סך פרייע ערד צו בעארבייטען און ארבייטסקרעפטען לרוב. דאמאלס זיינען די לעבענסמיטלען געווען וואלוועל.

אין די נייציגער יאהרען האט זיך די לאגע אנגעהויבען צו ענדערען. די פעראייניגטע שטאאטען, וואס זיינען אמאל געווען א תבואה־שפייכלער פאר דער גאנצער וועלט, זיינען מיט דער צייט געווארען א גרויסע אינדוסטריעלע מדינה מיט א גרויסער אינדוסטריעלער בעפעלקערונג, וואס נעהמט־צו פאר זיך דעם גרעסטען טייל פון דעם, וואס די לאנדווירטשאפט פראדוצירט. די פעראייניגטע שטאאטען פיהרען ארויס אלץ וועניגער אגראר־פראדוקטען : אין יאהר 1901 האבען זיי נאך ארויסגעפיהרט 41 פראצענט פון דעם, וואס די ערד האט געבראכט, און מיט 9 יאהר שפעטער, אין 1910, שוין ניט מעהר פון 7 (זיבען !) פראצענט.

ניט נאר וואס די פעראייניגטע שטאאטען פיהרען ארויס וועניג, נאר דאס ביסעל, וואס זיי גיבען שוין יא אב דעם אויסלאנד, פערקויפען זיי א סך טייערער, ווי פריהער. און עס איז קיין חדוש ניט. פרייע ערד, וואס זאל קיינעם ניט געהערען און זאל טויגען אויף בעארבייטען, איז שוין ניטא. דאס ווייטערע בעארבייטען די אלטע קולטיווירטע ערד פאדערט אלץ גרעסערע הוצאות. אזוי ווי אין די מזרח־שטאאטען איז געווארען ענג, געהט די לאנדווירטשאפט אריבער אין די סטעפען פון די מערב־געגענדען, וואו מען דארף לעגען גרויסע הוצאות אויף אויסטריקענען אדער בעוועסערן די ערד און ז. וו. אין דער זעלבער צייט וואקסט אלץ מעהר די שכירות פון דעם לאנדווירטשאפטליכען ארבייטער צוליעב גרויסען מאנגעל אין ארבייטס־קרעפטען, ווייל הגם די בעפעלקערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען איז די לעצטע צעהן יאהר אויסגעוואקסען אויף גאנצע 16 מיליאן, האט די לאנדווירטהשאפט בעקומען נאר זעהר א קליינעם טהייל פון דעם דאזיגען צואוואקס, דער גרעסטער טייל פון די איינוואנדערער ווערט פערשלונגען פון דער אינדוסטריע, בערגווירטשאפט, האנדעל און טראנספארט. איבער די אלע סבות זיינען די פראדוקציאנס־הוצאות און די טראנספארטען־קאסטען און ממילא אויך די פרייזען פון די לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען זעהר געשטיגען. למשל, א בושעל עקספארטירטע אמעריקאנישע ווייץ, וואס האט אין יאהר 1894 געקאסט 0.58 דאלאר, האט זיך פערקויפט אין 1909 און 1910 פאר 1.02 דאלאר און אין 1911 שוין 1.93 דאלאר, דאס הייסט, אז אין משך פון 16 יאהר איז דער פרייז געשטיגען מעהר ווי אין דריי מאל.

ניט נור אמעריקאנישע תבואה, נאר אויך פלייש איז שרעקליך טייער געווארען און ווערט אלץ ווענינגער ארויסגעפיהרט. די לאנדווירטשאפט, וואס טראגט זיך אריבער אין די מערב־שטאאטען, שטופט־ארויס דאס האדעווען בהמות. פריהער פלעגען די בהמות זיך פאשען אין די ברייטע מערב־סטעפען, איצט מוז מען זיי אלץ מעהר האלטען אין שטאלען ; דאס פערקלענערט זייער צאהל און פערגרעסערט די קאסטען אויף אויסצוהאלטען זיי. פיה ווערט וועניגער : אין יאהר 1880 איז נאך געווען אויף יעדע 100 איינוואוינער 79 אקסען און 98 חזירים, אין יאהר 1912 שוין ניט מעהר ווי 60 אקסען און 60 חזירים. דער אנפרעג אבער אויף פיה מצד דער וואקסענדער אמעריקאנישער בעפעלקערונג ווערט אלץ גרעסער. דעריבער פיהרט מען זי ארויס אלץ וועניגער אין אויסלאנד : אין יאהר 1905 האט מען עקספארטירט 567000 אקסען, אין יאהר 1910 — 139000. פערשטעהט זיך, אז דער עקספארט פון פלייש־ און מילך־פראדוקטען פאלט אויך שטארק : אין יאהר 1901 האט דער עקספארט בעטראפען אן ערך 197½ מיליאן דאלאר, אין 1910 — 131 און א דריטעל מיליאן דאלאר.

אמת, דעם ארט פון די פעראייניגטע שטאאטען פרובען זיך איצט פערנעהמען יונגע אגראר־לענדער, ווי קאנאדא און ארגענטינא, נאר זייער לאנדווירטשאפט ענטוויקעלט זיך דערווייל זעהר פאמעלעך צוליעב דוחק אין ארבייטער און קאלאניסטען, ווייל די אייראפעאישע אויסוואנדערער ווערען צוגעצויגען דורך דער צפון־אמעריקאנישער אינדוסטריע, און איבער איינינגע אנדערע סבות.

דאס, וואס די לאנדווירטשאפט קען זיך ניט נאכיאגען נאך דער אינדוסטריע און קען ניט בעפריעדיגען דעם בעדארף אין רויה־שטאפען און לעבענסמיטלען, ווענדעט זיך ניט פון דער

אָרימקייט פון דער נאַטור. אדרבה די נאַטור איז זעהר רייך, נאָר דאָס בעקומען די דאָזיגע עשירות איז אָרגאַניזירט זעהר שלעכט.

די ערד געפינט זיך אין פּריוואַט־אייגענטום; פּריוואַטע מענשען זאָרגען וועגען בעשאַפען לעבענסמיטלען פאַר דער בעפעלקערונג און זיי טוען דאָס גרעסטענטיילס אָהן טעכנישע קענטניסען און אָהן גענינענדע מאַטעריעלע מיטלען. קיין וואונדער ניט, וואָס די ערד גיט מעהר ניט אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס זי וואָלט געקענט געבען ביי דעם איצטיגען שטאַנד פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער טעכניק.

נאָך מעהר: ניט די ערד אַליין, נאָר אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען פּריוואַט־אייגענטום; פּריוואַטע מענשען טיילען פונאַנדער קאַפּיטאַל און ארבייטס־קראַפט צווישען איינצעלנע פּראָדוקציאָנס־צווייגען אזוי, ווי דאָס פּאַסט בעסער פאַר זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. דער פּועל־יוצא פון אזא בעל־הבת'ערוען איז אַ פאָלשטענדיגע אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע: איין פּראָדוקציאָנס־געביעט איז ניט צוגעפּאַסט צו דעם אנדערן, הגם זיי הייגען אָב איינער פון אַנדערן און געהערען צו איין ווירטשאַפטליכען מעכאַניזם.

פון דער דאָזיגער אַנאַרכיע נעהמט זיך אויך, וואָס די לאַנדווירטשאַפט איז ניט צוגעפּאַסט צו דער אינדוסטריע און געהט ניט מיט איהר מיט אַ גלייכען שריט; צווישען אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, ווי בכלל צווישען פערשיעדענע פּראָדוקציאָנס־געביעטען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, פיהרט זיך אַ מין קאָנקורענץ, אַ קאַמפף פון פּריוואַט־מענשען פאַר קאַפּיטאַל און אַרבייטס־קראַפט, און אין דעם קאַמפף איז גובר די אינדוסטריע.

אויף אזא אופן איז די עקר־סבה פון יקרות דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן און וועט פערשווינדען נור צוזאַמען מיט'ן קאַפּיטאַליזם.

.4

דאָס וואַקסען פון דער אינדוסטריע ברייננט דערצו, אַז די דערפער ווערען פּוסט און די מענשען קלייבען זיך אַלץ מעהר צונויף אין די שטעדט. פאַר די לעצטע 20 יאָהר זיינען די שטעדט מורא'דיג אויסגעוואַקסען, למשל די פעראייניגטע שטאַאַטען פון צפון־אמעריקא האָבען איצט שוין 50 שטעדט מיט מעהר פון 100 טויזענד איינוואוינער יעדערע. **דאָס וואָס די בעפעלקערונג קאָנצענטרירט זיך אין די שטעדט איז אַ צווייטע סבה פון יקרות.**

אזוי ווי די שטאָדטישע ערד געהערט פּריוואַטע מענשען, וועלכע בויען אויף איהר הייזער, ווערען די וואוינונגען, ביים וואַקסען פון די שטעדט, אַלץ טייערער; עס וואַקסט אויך די דירה־געלד פאַר וואַרשטאַטען און קראָמען און בכן אויך די פּרייזען פון סחורות; דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל, וואָס רוקט זיך אריין צווישען דעם דאָרפישען פּראָדוצענט און דעם שטאָדטישען פערברויכער און פערזאָרגט די שטעדט מיט לעבענסמיטלען, פערטייערט אויך די פּראָדוקטען; דאָס אייגענע טוען די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוועז, ד. ה. אָרגאַניזאַציעס פון בעלי־בתים, וואָס שטופּען ארויס דעם צווישען־האַנדעל, פערכאַפּען אין זייערע הענד דעם שטאָדטישען מאַרק און שטעלען איין, אַלס אַ כלל, מאָנאָפּאָל־פּרייזען.

די קאָנצענטראַציע פון דער בעפעלקערונג אין די שטעדט און דאָס וויסט ווערען פון די דערפער ערקלערט זיך אין דער אונטערשטער שורה אויך מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַנאַרכיע: פּריוואַט־מענשען בויען פאַבריקען און ציהען־צונויף די ארבייטער־מאַסען דאָרטען, וואו עס פּאַסט זיי און וואו עס לוינט זיי בעסער; יעדער פּריוואַט־אונטערנעהמער זעהט און קימערט זיך נור וועגען זיין קליין ווינקעלע, וואו ער גריבעלט זיך, די פּראָדוקציע פיהרט זיך אָהן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, וואָס זאָל ארומכאַפּען דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען מעכאַניזם און גוט צופּאַסען איין ראָד צום אַנדערן. די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע האָט איהר שורש אין דעם, וואָס די פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהערען ניט דעם כלל, נאָר פּריוואַטע מענשען.

.5

די דריטע סבה פון יקרות איז דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטען אָרגאַניזירען זיך מיט'ן צוועק אָבצושאַפען די קאָנקורענץ צווישען זיך. די אָרגאַניזאַציעס פון די קאַפּיטאַליסטען, די טראָסטען, מאַכען דעם פּרייז פון סחורה אונאבהענגיג פון די פּראָדוקציאָנס־הוצאות, זיי שטעלען איין מאָנאָפּאָל־פּרייזען, הויפּטזעכליך אויף רויה־שטאָפען און האַלבפאַבריקאַטען, און דאָס ברענגט, פערשטעהט זיך, דערצו, אַז די פאַרטיגע פּראָדוקטען ווערען אויך טייערער.

אינאיינעם מיט דער פאַלשער פּראָפּאָרציע צווישען לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, אויף וואָס מיר האָבען שוין אויבען אָנגעוויזען, ערקלערט דאָס מאָנאָפּאָליזירען די נאַטור־עשירות אַ פאַקט, וואָס ווייזט אויס אויפ'ן ערשטען בליק אונפערשטענדליך: אַ דאַנק דעם פּראָגרעס פון דער טעכניק פערקלענערען זיך אַלץ די הוצאות פון דער אינדוסטריע אויף צו פערפערטיגען די פּראָדוקטען, און די פּרייזען פון די סחורות, אָנשטאָט צו פאַלען, ווי דאָס האָט געדאַרפט געשעהען, שטייגען פונדעסטוועגען אַלץ מעהר אין דער הויך.

די פּריוואַט־מאָנאָפּאָלען, וואָס פערטייערען די סחורות, די אָרגאַניזאַציע פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמער, וואָס שאַפט אָב

די קאָנקורענץ אין איינצעלנע אינדוסטריע־גע־
ביעטען און בעשטימט די פּרייזען, איז אויך
אַזאַ אונפּערמיידליכע ערשיינונג פון קאַפּיטאַ־
ליזם, ווי די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע מיט
איהר קאָנקורענץ צווישען איינצעלנע אונטער־
נעהמונגען און צווישען גאַנצע אידוסטריע־גע־
ביעטען, דהיינו צווישען לאַנדווירטשאַפט און
אינדוסטריע. די אָרגאַניזאַציע און די אַנאַר־
כיע, וואָס ביידע ברייגנען זיי צום יקרות, שטאַ־
מען פון איין און דעמזעלבען מקור : פון פּרי־
וואַט־אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־
מיטלען.

6.

נאָך אַ סבה פון יקרות איז דאָס וואָס גאָלד
איז געפאַלען אין פּריז, ווייל אַ דאַנק דער
פּערבעסערונג פון דער טעכניק פּראָדוצירט מען
איצט גאָלד מיט ווייניגער הוצאות, ווי פריהער.
כל זמן די פּראָדוקציאָנס־מיטלען געפינען זיך
אין פּריוואַט־אייגענטום, בעוועגט זיך דער
ווירטשאַפטליכער מעכאַניזם נור אַ דאַנק דעם,
וואָס מען קויפט, וואָס מען בייט סחורות אויף
געלד און געלד אויף סחורות. דער ווערטה פון
דער סחורה דריקט זיך אויף אַזאַ אופן אויס
אין גאָלד (און זילבער) און פּערקעהרט. און
אויב גאָלד איז געוואָרען וועלוועלער, דאָס הייסט,
מען פּראָדוצירט גאָלד מיט ווייניגער מיה ווי
פריהער, בעקומט מען פאַר דאָס זעלבע שטיקעל
גאָלד ווייניגער אַנדערע סחורות (ברויט, פלייש
און ז. וו.), ווי פריהער ; אויפ'ן פשוט'ען לשון
הייסט עס, אַז די דאָזיגע סחורות זיינען טייע־
רער געוואָרען. מען דאַרף אָבער בעמערקען,
אַז אָט די סבה פון יקרות, וואָס גאָלד איז גע־
וואָרען וועלוועלער און דער געלד־ווערטה פון
די סחורות איז געוואָרען גרעסער, איז ניט קיין
בעדייטענדע.

7.

לסוף, אַ גרויסע ווירקונג אויף די פּריי־
זען פון די סחורות האָט אויך די עקאָנאָמי־
שע פּאָליטיק פון דער מלוכה. כדי צו דע־
קען די הוצאות, וואָס וואַקסען אלץ מעהר, בע־
זונדערס אויף אַרמיי און פלאָט, פיהרט איין
און העכערט די מלוכה די אינדירעקטע
שטייערן, וואָס דאָס פּערטייערט די פּראָדוק־
טען. אפילו אַ טייל פון די דירעקטע שטייערן
גיט זיך איין די קאַפּיטאַליסטען אַרויפצולעגען
אייפ'ן קויפער פון זייערע סחורות.

ווייטער, וואַקסען אלץ מעהר די מלוכה־
חובות. דערמיט, וואָס זי פּערפּלייצט דעם
געלד־מאַרק מיט איהרע פּאַפּיערען, ברייגגט די
מלוכה דערצו, וואָס פאַר דער פאָלקס־ווירט־
שאַפט, ספּעציעל פאַר דער לאַנדווירטשאַפט
און בוי־אינדוסטריע, ווערט אלץ שווערער צו
בעקומען קרעדיט, און די וואוינונגען און די
לעבענסמיטלען ווערען איבער דעם טייערער.

נאָך גרעסער ווערט די טייערונג איבער
די גרענעץ־אַבצאָהלונגען אויף סחורות, סיי
לאַנדווירטשאַפטליכע סיי אינדוסטריעלע, אי־
בער דעם פּערבאָט אריינצופיהרען געוויסע פּראָ־
דוקטען (למשל פלייש) און איבער די עקספּאָרט־
פּרעמיעס, די פּרעמיעס פאַר'ן אַרויספיהרען
פון לאַנד געוויסע פּראָדוקטען (למשל צוקער),
וואָס דערמיט העלפט די מלוכה איינצוהאַלטען
אינ'ם לאַנד די קאַרטעלען, טראַסטען מיט זייע־
רע מאָנאָפּאָל־פּרייזען.

8.

מיר האָבען געזעהען, אַז דאָס שטייגען פון
די פּרייזען אויפ'ן וועלט־מאַרק איז אַ רעזולטאַט
פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג. גע־
גען יקרות בכלל איז דעריבער דאָ נור איין
מיטעל : אָבשאַפען דעם קאַפּיטאַליזם.
נאָר אין איינצעלנע לענדער שטעהען די
פּרייזען פון פּראָדוקטען נאָך העכער, אייד־
דער אויפ'ן וועלטמאַרק. געגען דעם קען
מען אָנגעהמען מיטלען שוין איצט, בשעת
דער קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט נאָך.
קודם כל דאַרף מען קעמפּפען געגען די
פּאָליטיק פון דער מלוכה, וואָס טרייבט די
פּרייזען העכער, ווי זיי שטעהען אויפ'ן
וועלט־מאַרק. מען דאַרף קעמפּפען געגען דעם
מיליטאַריזם און מאַרינזים, וואָס זיינען די
הויפּט־סבה, פאַר וואָס עס וואַקסען אַזוי די
הוצאות און די חובות פון דער מלוכה ; מען
דאַרף זעהן, די שטייערן אויף לעבענסמיטלען
און וואוינונגען זאָלען פּערביטען ווערען דורך
שטייערן אויף פּערמעגען.
ווייטער דאַרף מען קעמפּפען געגען דאָס
סיסטעם פון גרענעץ־אַבצאָהלונגען אויף
סחורות און פריהער פאַר אַלץ געגען אַגראַר־
צאָלען (אויף תבואה, בהמות און ז. וו.) און גע־
גען אַזעלכע צאָלען (למשל אויף אייזען, קויה־
לען), וואָס העלפען, אינ'ם לאַנד זאָלען זיך ביל־
דען קאַפּיטאַליסטישע קאַרטעלען, טראַסטען
אויף צו פּערטייערען די רויה־שטאָפען און אַר־
בייטס־מיטלען, אין וועלכע עס נויטיגט זיך די
אינדוסטריע.
ניט קיין קליינע בעדייטונג, אַלס אַ מיטעל
געגען צו הויכע פּרייזען, האָבען די אַרבייטער
קאָנסום־פּעראיינען, וועלכע קענען שפּיעלען אַ
צווייאיגע ראָלע : איינקויפען און פּערקויפען
סחורות. דעם געווין פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל
בעקומען דאַן די פערברויכער, און אַ חוץ דעם
אויב זיי אַליין פּראָדוצירען, קומט אָן אויפ'ן
חלק פון די פערברויכער אויך דער רוח פון דעם
אינדוסטריעלען אונטערנעהמער.
געוויסע אויפגאַבען אינ'ם קאַמפּף געגען
יקרות קענען אויך ערפילען די אָרטיגע פּער־
וואַלטונגען און די מלוכה. די געמיינדעס
קענען בויען וואָלוועלע וואוינונגען, עפענען בע־

קרייען, יאַטקעס, צושטעלען מילך, אָרגאַניזי־
רען דעם צופיהר פון לעבענסמיטלען.

נאָך מעהר קען אויפטהאָן אין דעם פּרט די מלוכה: זי קען געבען קרעדיט אויף בויען פאָלקס־וואוינונגען און פערבעסערען די לאַנד־ווירטשאַפט, זי קען אריינגעהמען אין איהרע הענד די אייזענבאַהנען, די בערג־אינדוסטריע און אייניגע אַנדערע אינדוסטריע־צווייגען און דערמיט געבען אַ קלאַפּ די קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט־מאָנאָפּאָלען.

מען דאַרף נאָר ניט פערגעסען, אַז די קאָמונאַלע און מלוכה'שע אונטערנעהמונגען קענען זיין נוצליך נור דאָרטען, וואו זיי שטעהען אונטער'ן קאָנטראָל פון דעמאָקראַטישע פּאַרלאַמענטען און אונטער דער ווירקונג פון דעם אַרבייטער־קלאַס. ווען ניט, זיינען זיי אַ מיטעל ניט געגען יקרות, נאָר אויף צו פערשטאַרקען דעם אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט פון די הערשענדע קלאַסען.

9.

די געוואַלטיגע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען האָט געבראַכט דעם אַרבייטער־קלאַס העכערע שכירות. אָבער דיזעלבע ענטוויקלונג האָט אויך בעשאַפען דעם יקרות, וואָס האָט איינגעשלונגען דעם צוואוואַקס פון לוין און ערטערווייז אפילו איהם אראָבגעדריקט נאָך נידעריגער ווי פריהער. דער יקרות טרייבט דעם אַרבייטער־קלאַס אין קאַמפּף פאַר העכערע שכירות. די אונטערנעהמער אָבער שטעלען ארויס געגען די אַרבייטער אַלץ שטאַרקערע אָרגאַניזאַציעס. אויף ריזען־סטרייקען עטפערן זיי מיט ריזען־לאָקאַוטען.

אין דער זעלבער צייט וואַקסט מורא'דיג איבער דער יקרות דער פּראָפיט פון ערד־אייגענטום און פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז אָרגאַנירט אין טראַסטען. אַלץ גרעסערע עשירות קלייבען זיך אָן אין די הענד פון אַ הייפעלע מענשען. די קאַרטעלען, די טראַסטען, וואָס ווערען ניט אין אַ קליינער מאָס אויסגעהאָדעוועט דורך'ן יקרות, שטעלען אַוועק גאַנצע פּראָדוקציאָנס־צווייגען אונטער איין פיהרונג, פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אַרבייטסקרעפטען ווערען בעהערשט פון איין פּונקט און אויסגענוצט לויט אַ געוויסען אויסגעאַרבייטען פּלאַן. די פּראָדוקציע ווערט אַלץ צייטיגער אַריבערגעפיהרט צו ווערען אין אייגענטום פון דער געזעלשאַפט און אָנגעפיהרט צו ווערען דורכ'ן כלל און פאַר'ן כלל.

דער יקרות, וואָס איז אַליין אַ רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, ווערט אויף אַזאַ אופן זעלבסט אַ טרייבפעדער פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג. ער רעוואָלוציאָנירט די אַרבייט און קאָנצענטרירט דעם קאַפּיטאַל. ער דערנעהנטערט דעם מאָמענט, ווען דער אָרגאַניזירטער אַרבייטער־קלאַס וועט אָבשאַפען דעם קאַפּיטאַליזם מיט אַלע זיינע צרות און מיט זיי אויך די טייערונג.

יהואש

אין וואַלד

1.

טיעף אין וואַלד דאָרט שטעהט מיין צעלט,
קיינער קען איהם ניט געפינען...
שפּעט ביי נאַכט און פריה בעגינען,
הער איך ווי דאָס לעבען קוועלט —
פון די שוואַרצע וואָרצלען אונטען
צו די מאָך־בעדעקטע שטאַמען,
פון די דונקעל־קאַלטע גרונטען
צו דער זון און איהרע פלאַמען...
שליעסען ערד און הימעל בונטען,
און איך אויך מיט זיי צוזאַמען...

טיעף אין וואַלד דאָרט שטעהט מיין צעלט.
קיינער וועט צו מיר ניט קומען,
לאַנג פערשוואונדען איז דאָס זומען
פון דער ווייטער, האַרטער וועלט...
שלאָג איך וואָס אַ טאָג אַלץ מעהרער
פעסטע וואָרצלען אין דער נידער,
ווערען וואָס אַ טאָג אַלץ שווערער
מיט דער זאַפט פון וואַלד די גליעדער...
שטומע שטערען מיינע לעהרער,
קליינע גראָזען מיינע ברידער...

2.

האָבען מיר געזאָגט ציפּרעסען:
וועסט ניט געהן מעהר קערנער קלייבען...
וועסט אין אונזער שאָטען בלייבען,
און מיר וועלען אונזער עסען —
וואָרצעל־זאַפט און זונען־שטראַהלען —
עהרליך צווישען אונז צוטהיילען...
וועסט ניט פליהען און ניט פאַלען,
רוהען וועסטו און זיך היילען...

האָט א ביען געדרעהט אין ליכט זיך
און געזונגען מיר אין אויער:
אָפען איז געווען דער טויער...
עמיץ האָט אויף דיר געריכט זיך,
און דו וועסט איהם דאָ בעגעגנען...
וועט ער פון געהיימע שטראָמען
דיין נשמה פריש בערעגנען,
און דיר ברייגנען נייע זאָמען...

רחבות, 1914.

י. פּיראָזשניקאָוו

אַנטאָן רובינשטיין

צו זיין 20סטען יאָהרצייט (1829—1894).

דאָס אידישע פאָלק האָט זיך צו בעריהמען מיט א היבשער צאָהל גרויסע קינסטלער אין דער מוזיק. צווישען זיי אַלעמען פערנעהמט אַנטאָן רובינשטיין מיט פולען רעכט דעם ערשטען אָרט. איך מיין מיט דעם ניט צו זאָגען, אַז זיינע אָפּערען זיינען בעסערע ווי מאיר־בעער'ס אָדער הלוי'ס; אָבער ער האָט אין אַלגעמיינעם אויפגעטהאָן פאַר דער מוזיק אַריינבריינגענדיג אין איהר נייע געדאַנקען, נייע אידעאַלען, פיעל מעהר ווי אַלע זיינע אידישע חברים צוזאַמען גענומען. אַלס פּיאַנאָ־ווירטואָז האָט ער צו זיך בלויז איין גלייכען: דאָס איז פראַנץ ליסט — ביידען האַלט מען פאַר די צוויי גרעסטע קינסטלער, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געהאַט. אויסער דעם, אַלס אַן אימפּאָנירענדע, סימפּאַטישע און אידעאַלע פערזענליכקייט, האָט ער אפשר צו זיך ניט קיין גלייכען, ניט נור צווישען אידישע, נור אויך צווישען אַלוועלטליכע קינסטלער אין דער מוזיק. די נאַטור האָט איהם בעשאָנקען מיט גרויסקייט אין פיעלע הינזיכטען. פון אַלע מערקווירדיגע מענשליכע געזיכטער, וואָס איך האָב געזעהן אין מיין לעבען, קען איך צוויי פון זיי קיינמאָל ניט פערגעסען, און דאָס זיינען: דאָקטאָר הערצעל און, נאָך מעהר, אַנטאָן רובינשטיין. אויף דעם לעצטען קען איך ווירקליך זאָגען, אַז „אויף איהם האָט גערוהט די שכינה“. זיין געזיכט איז געוועזן בעלויכטען מיט א געטליכען גייסט, און האָט געוועקט צו זיך א געפיהל פון עהרפורכט.

די הויפּט אידעע פון זיין לעבען איז געוועזן, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, „צו הויבען דעם מאָראַלען צושטאַנד פון דער מענשליכער געזעלשאַפט דורך פערשפּרייטען צווישען איהר די קענטניס פון מוזיק“. אויף מוזיק האָט ער געקוקט ווי אויף א רעליגיאָן און האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען פון זיין גרויסען זשעני צו פרעדיגען דיעזע רעליגיאָן, צו פערשפּרייטען זי וואָס מעהר צווישען מענשען.

אַנטאָן רובינשטיין איז געבאָרען געוואָרען אין 1829 אין א רוסישען דאָרף פון פּאָדאָלער גובערניע. זיין פאָטער, א געבאָרענער בערדיטשעווער איד, האָט דאָרט אין דאָרף געהאַלטען אין אַרענדע א שטיקעל לאַנד. קורץ נאָך דעם, ווי דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען, האָט זיך רובינשטיינ'ס פאַמיליע איבערגעקליבען אין מאָסקווא, וואו דער אַלטער רובינשטיין צוזאַמען מיט זיין ברודער האָבען געעפענט א בליישטיפט פאַבריק.

אַנטאָן רובינשטיין האָט געהאַט צוויי שוועסטער און דריי ברידער. פון זיי איז איינער געוועזן ניקאָלאַי רובינשטיין, אויך א גרויסער פּיאַנאָ קינסטלער, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרען דער דירעקטאָר פון מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריום. די ביידע ברידער האָבען בעקומען זייער ערשטען מוזיק־אונטערריכט פון זייער מוטער (א געבאָרענע לעווענשטיין), וועלכע איז געוועזן א גוטע פּיאַניסטין און א שטרענגע לעהרערין. און שטעלט אייך פאָר, ווי עס זאָל ניט זיין שוועער צו גלויבען: אַנטאָן רובינשטיין איז קינדווייז געוועזן א קנאַפּער מתמיד אין מוזיק. ער איז געוועזן א גרויסער שטיפער און פון צייט צו צייט, ווען ער פלעגט ניט אויסלערנען זיין מוזיק לעקציע ווי געהעריג, פלעגט ער גאַנץ איינפאַך בעקומען פון דער מוטער פעטש. נור אַזוי ווי ער איז אין גאַנצען געוועזן ניט מעהר ווי זעקס יאָהל אַלט, האָט ער משמעות גערעכענט, אַז פאַר זיינע יאָהרען איז ער געוועזן גענוג ערנסט, און האָט זיך געטהאָן דאָס זייניגע, ד. ה. פיעל געשטיפט און ווייניג געשפּיעלט.

ווער ווייס ווי לאַנג אָט די בעציהונג זיינע צו מוזיק וואָלט אָנגעהאַלטען, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען עס זאָל ניט טרעפען א צופאַל, וואָס האָט אַלץ געענדערט צום גוטען. דער צופאַל איז געוועזן גאַנץ אין גייסט פון פראַנצויזישען שפּריך־וואָרט: „שערשע לאַ פאַם“ (זוך די פרוי): ער האָט זיך בעקענט מיט א קליינער מיידעלע, מיט'ן נאָמען גריונבערג, וועלכע מען האָט גערעכענט פאַר א וואונדער־קינד אין פּיאַנאָ־שפּיעלען. ער האָט זיך אַן איהר זעהר מתקנא געוועזן און האָט זיך גענומען ערנסט צו דער אַרבייט. דער רע־

זולטאַט איז געווען, אַז צו 9 יאָהר איז ער שוין עפענטליך אַרויסגעטראָטען אין מאָסקווא אין אַ גרויסען „וואוילטהעטיגען" קאָנצערט.

זיין מוטער האָט פערשטאַנען, אַז זי קען שוין מעהר ניט בלייבען די איינציגע לעהרערין פון איהר זוהן, און זי האָט זיך געווענדט צום בעוואוסטען מאָסקווער מוזיקאַלישען פּעדאַגאָג פון יענער צייט, ווילואַן, וועלכער האָט גלייך, מיט גרויס פרייד, איינגעשטימט צו נעהמען אויף זיך, גאָר אָהן געצאָהלט, די ווייטערדיגע מוזיקאַלישע ערציהונג פון דיעזען ווירקליכען וואונדערקינד, און פון דעמאָלט אָן האָט דער קליינער אַנטאָן רובינשטיין בעקומען אין רוסלאַנד זעהר אַ גרויסען נאָמען. עס האָט מיט רובינשטיינען געקאָכט אומעטום, מען האָט פון איהם גערעדט, מען האָט פון איהם געשריעבען, יעדער איינער, וואָס האָט איהם געזעהן, האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז דאָס וואַקסט אַ גרויסע מוזיקאַלישע קראַפט.

באַלד נאָך דעם, איז ער איינגעלאַדען געווען צו שפּיעלען אין אַ קאָנצערט אין דער אַנוועזענהייט פון דער רוסישער קייזערליכער פאַמיליע, וועלכע איז געווען ענטציקט פון זיין שפּיעלען. נאָכ'ן קאָנצערט האָט מען איהם געבראַכט צופיהרען אין דער קייזערליכער לאָזשע, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ קליינינקער, האָט די קייזערין געהייסען אַוועקשטעלען איהם אויפ'ן טיש. אַז ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם, איהם אַרומגענומען און געזאָגט: „זדראַווסטוואויטע, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ!"

ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע גלענצענדע פּאַרטשריטע אין דער מוזיק, האָט מען אָבער זיין אַלגעמיינע בילדונג אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט. ער פלעגט דערצעהלען וועגען זיינע יונגע יאָהרען, אַז ער געדענקט גאָר ניט, ווען מען האָט איהם געלערנט לעזען און שרייבען. זיינע עלטערן, ווי עס פּאַסירט אַם מייסטען נאָך היינט, האָבען געלעבט אין טעות: זיי האָבען געמיינט, אַז ווי באַלד איינער האָט טאַלאַנט צו מוזיק, איז ער פּטור פון אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען. יאָ, אויב ער וויל זיך בעגנוגענען מיט מיטעלמעסיגע רעזולטאַטען. שטרעבט מען אָבער אין דער מוזיק צו עטוואָס גרויסעס, קען מען עס דערגרייכען נור מיט דער הילף פון טיכטיגער אַלגעמיינער בילדונג. דער קליינער רובינשטיין, אַלס קינד, איז, נאַטירליך, געווען זאָרגלאָז אין דיעזער הינזיכט; אָבער ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער געזוכט אַנצויאָגען דאָס פערלאָרענע, ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע קרעפטען צו פערריכטען דעם פעהלער פון זיין ערציהונג און אויסצובילדען זיך ווי מעגליך פיעלזייטיג. ער האָט גרינדליך זיך אויסגעלערנט די הויפּט-אייראָפּעאישע שפּראַכען, ער איז געווען זעהר בעלעזען און האָט אַליין געשריעבען פיעל פּראַכטפאָלע זאַכען ניט נור איבער מוזיק, נור אויך איבער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. ער איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע קינסטלער פון זיין צייט.

ביי דעם אויבען דערמאָהנטען לעהרער, ווילואַן, האָט ער געלערנט פּיאַנאָ ניט מעהר ווי ביז 13 יאָהר. נאָך דעם האָט ער איניגע מאָנאַט גענומען אונטערריכט אין דער טעאָריע פון מוזיק אין בערלין, ביים בעריהמטען קאָנטראַפּונקטיסט פון יענער צייט, זיגפריעד דען*). און ווייטער איז ער שוין געווען אָנגעוויזען אויף זיך אַליין.

אין פערלויף פון די 5 יאָהר, וואָס ער ער איז געווען אונטער דער לייטונג פון ווילואַן, האָט ער צוזאַמען מיט זיין לעהרער געמאַכט אַ קאָנצערט-רייזע דורך גאַנץ אייראָפּאַ. אין אָבענד פלעגט ער שפּיעלען אין קאָנצערט און ביי טאָג פלעגט זיין לעהרער מיט איהם לערנען דיזעלבע שטיק, וואָס ער האָט געשפּיעלט, און אויפווייזען איהם זיינע פעהלער. דאָס איז געווען אַן אייגענאַרטיגע קאָנצערט-רייזע. ווילואַן האָט זיך זעהר שטרענג בעצויגען צו זיין געניאַלען שיהלער. איין מאָל זאָגאַר האָט פּאַסירט, דאָס דער קליינער רובינשטיין האָט זיך מיט עפּעס שטאַרק פערזינדיגט און זיין בייזער לעהרער האָט ניט לאַנג געקלעהרט און איהם אָבגעשמיסען... ניט קוקענדיג אויף דעם, זעהען מיר אין רובינשטיינ'ס מעמוארען, אַז ער דערמאָהנט אַלע מאָל זיין לעהרער, ווילואַן, מיט גרויס אַכטונג און דאַנקבאַרקייט.

ווען קינסטלער וואָלטען געשעצט געווען לויט דעם, ווי פיעל געלד זיי פערדיענען מיט זייער קונסט, וואָלט געוויס דער אַלטער בעטהאָווען געמוזט אָבטרעטען זיין פּלאַץ אַ וואַסער-עס-איז מאָדערנעם „רעגטיים קאָמפּאָזער". דיעזער פערגלייך איז מיר געקומען אויפ'ן זינען, ווען כ'האָב אָנגעפאַנגען צו ריידען וועגען רובינשטיינ'ס אייראָפּעאישע קאָנצערט-רייזע. ער האָט אומעטום געהאַט שטורמישען ערפאָלג, ער איז געוואָרען איינגעלאַדען כמעט אין אַלע קעניגליכע הויפען, האָט בעקומען פון די געקרוינטע צוהערער רייכע געשענקע — און דאָך איז ער נאָך אַט דער רייזע, וואָס האָט געדויערט גאַנצע דריי יאָהר, געקומען אהיים אָהן אַ גראָשען. פאַר דיעזער צייט איז זיין פאָטער געשטאָרבען און זיין מוטער מיט דער פאַמיליע זיינען געבליבען גאָר אָהן מיטלען צום לעבען. מען האָט געמוזט אָנפאַנגען ביסלעכווייז צו פערקויפען די רייכע קעניגליכע מתנות, כדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו קאָכען אַ מיטאָג...

---

*) ביי דעמזעלבען זיגפריעד דען האָט זיך אויך געלערנט דער בעריהמטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר גלינקא.

און אָט אזוי האָט ער געלעבט א היבשע צייט, ביז זיין מוטער האָט בעשטימט אוועקצושיקען איהם אין בערלין צו פערפאָלקאָמען זיך אין טהעאָריע פון מוזיק.

אין בערלין האָט ער זיך בעקענט מיט מענדעלזאָהנ'ען און מאיר־בעער'ן און פלעגט זיין ביי זיי אן אָפטער גאסט; נור ער איז געווען ביי זיך זעהר שטאָלץ און פלעגט זיי קיינמאָל ניט זאָגען וועגען זיין שלעכטער מאטעריעלער לאגע. ער האָט געלעבט פון ביליגע מאָנאטליכע פיאנאָ־שטונדען, און אָפטמאָל פלעגט ער גענויטיגט זיין אָבצוזאָגען א שילער מיט א וואָסער־עס־איז אויסרייד פאר'ן סוף חודש, נור כדי גלייך צו בעקומען די עטליכע גראָשען, וואָס ער האָט בעדארפט האָבען נוטיג צום לעבען,

אלס 16־יאָהריגער אינגעל איז ער פון בערלין אריבערגעפאָהרען אין וויען, וואו ער האָט געוואָלט נעהענטער זיך בעקענען מיט'ן „קעניג פון פיאנאָ" — ליכט'ן. אין וויען האָט מיט איהם פאסירט א זעהר כאראקטעריסטישער צופאל: ער האָט געבראכט מיט זיך עטליכע רעקאָמענדאציאָנס בריעף פון דעם רוסישען אמבאסאדאָר אין דייטשלאנד צו פערשיעדענע הויכגעשטעלטע פערזאָנען אין וויען. די רעקאָמענדאציאָנס בריעף, ווי דער מנהג איז, זיינען געווען אָפען, נאָר זיי זיינען געווען געשריעבען אין דער פראנצויזישער שפראך (דער אמבאסאדאָר האָט וואהרשיינליך ניט געוואוסט, אז רובינשטיין פערשטעהט פראנצויזיש). רובינשטיין האָט אויף דיעזע בריעף געלייגט פיעל האָפנונג. נאָך דעם ווי ער האָט אָבגעשיקט דעם ערשטען בריעף איז דורכגעגאנגען א וואָך צייט און, צו זיין ערשטוינען, האָט ער קיין ענטפער ניט בעקומען, ער האָט אָבגעשיקט דעם צווייטען בריעף, נאָר דער רעזולטאט איז געווען דערזעלבער. רובינשטיין האָט זיך גלייך אָנגעשטויסען, אז מען דארף דורכלעזען וואָס עס שטעהט אין דיעזע בריעף, און שטעלט אייך פאָר ווי איבערראשט ער איז געווען, ווען ער האָט דורכגעלעזען דאָס פאָלגענדע:

„זעהר געעהרטער הערר: —

„אלס רוסישער אמבאסאדאָר, ליגט
„אויף מיר א זעהר ניט אנגענעהמע פפליכט,
„צו געבען פון צייט צו צייט רעקאָמענדא־
„ציאָנס בריעף, אין וועלכע איך האָב ניט
„וואָס צו זאָגען. דיעזער בריעף איז איי־
„נער פון זיי און ז. וו."

עס פערשטעהט זיך, אז די אלע איבריגע „רעקאָמענדאציעס" זיין גלייך געפלויגען אין פייער.

אין וויען האָט רובינשטיין זעהר פיעל קאָמפאָנירט, זעהר פיעל געלעהרענט, געשריעבען איבער מוזיק, ליטעראטור, פילאָזאָפיע. און ביי דעם אלעם האָט ער טאקע געהונגערט אויף וואָס די וועלט שטעהט. ער האָט געהאט א גרויסע בעקאנטשאפט מיט די וויכטיגסטע פערזאָנען פון דער מוזיקאלישער וועלט, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אויסנוצען זיין בעקאנטשאפט צו מאטעריעלע צוועקען. אין דיעזער הינזיכט איז ער געווען פונקט דער היפוך פון מאיר־בער'ן, וועלכער איז געווען פון קאָפּ ביז די פיס „א ביזנעס־מען". רובינשטיין האָט זיך אלע מאָל בעצויגען צו זיין טאלאנט, ווי צו א געטליכער מתנה, מיט וועלכער ער האָט ניט געוואָלט האנדלען. און דיעזער שטריך געהט־דורך דורך זיין גאנצען לעבען. אזוי זעהען מיר מיט דער צייט, אז ער האָט געפונען פאר נייטהיג אָבצושפּאָרען פון זיין סעריע היסטאָרישע קאָנצערטען „איבריגע" (נאָך



אנטאָן רובינשטיין.

זיין מיינונג) 25,000 רובל צו גרינדען א קאָנקורס־סטיפענדיע פאר יונגע טאלאנטען. אין דעם פעטערבורגער קאָנסערוואטאָריום, וואָס ער האָט בעשאפען, פלעגט ער פון זיין אייגענער קעשענע צאָהלען שכר למוד פאר בעגאבטע אונבעמיטעלטע שילער. די לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר פון זיין לעבען פלעגט ער פרינציפיעל שפיעלען אין קאָנצערטען נאָר אומזיסט. און ביי דעם אלעם דארף מען ניט פערגעסען, אז ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין רייכער מאָן.

פון וויען האָט ער זיך ווידער צוריקגעקעהרט אין בערלין, וואו ער איז פערבליעבען ביז עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן פון 1848. די מוזיקאלישע טהעטיגקייט אין בער־

לין האָט, נאַטירליך, דעמאָלט אינגאַנצען אויפגעהערט; ער האָט דאָרטען מעהר ניט געקענט פערבלייבען און האָט בעשלאָסען אומצוקעהרען זיך אַהיים. די רעוואָלוציאָן איז שוין געווען אין פולען גאַנג, און די דייטשע אינטעליגענץ האָט אויף איהר געלייגט פיעל האָפנונג. רובינשטיינען האָט זיך זעהר ניט געוואָלט אַוועקפאָהרען פון בערלין, נאָר ער האָט געמוזט. פאָהרענדיג צום באַהנהאָף האָט ער דערזעהען שטעהן נעבען אַ קאַזאַרמע עפּעס אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך, מיט׳ן ביקס אויפ׳ן אַקסעל. און ווי גרויס איז געווען זיין איבעררעשונג, ווען ער האָט אין דיעזען סאָלדאַט דערקענט זיין אַלטען פיעל געעהרטען פּראָפעסאָר, ז י ג פ ר י ע ד ד ע ן. — אונטער דיעזעם איינדרוק איז רובינשטיין אָבגעפאָהרען פון דייטשלאַנד נאָך רוסלאַנד.

די ליעבע פון אַ מענשען צו זיין היים איז איינס פון די מעכטיגסטע געפיהלען. דער יונגער רובינשטיין, זיצענדיג אין וואַגאָן, אויפ׳ן וועג צום רוסישען גרענעץ, האָט איצט, צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, געהאַט די געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט דער פולער מאַכט פון אַזאַ געפיהל. ער האָט איבערגע־חזר׳ט אין זיין זכרון אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר די אַכט יאָהר. ער איז אַוועק פון דער היים אַ קינד, אַ שטיפער, — און היינט איז ער שוין אַ 20־יעהריגער יונגער מאַן מיט אַ גרויסען אייראָפּעאישען נאָמען, ניט נאָר אַלס פּיאַנאָ קינסטלער, נאָר אויך אַלס קאָמפּאָניסט. אין די לעצטע יאָהרען זיינען שוין אין אייראָפּאַ ארויסגעגעבען געוואָרען איינציגע פון זיינע פּיאַנאָ קאָמפּאָזיציאָנען, און זיי האָבען געהאַט גרויס ערפאָלג. אָבער ער האָט אָנגעשריעבען נאָך פיעל בעסערע זאַכען; ער פיהרט זיי איצט מיט זיך אין זיין באַגאַזש, דאָס וועט זיין אַ מתנה פאַר זיין פאַטערלאַנד. און דאַן טראָגט ער נאָך אין זיינע געדאַנקען פיעל אַנדערע פּלענער, גרויסע פּלענער, ווי צו פערפלאַנצען די מוזיקאַלישע קונסט אין זיין היימאַט, ווי צו פּראַיידעלען די רויהע כאַראַקטערען פון זיינע מיט־ברידער. — אָ, ער פיהלט אין זיך געוואַג קראַפט צו פערווירקליכען אָט די אַלע פּלענער, ער פיהלט אין זיך . . .

— סטאַנציאַ ווערזשבאָלאָוואָ — האָט פּלוצלונג אויסגעשריען דער קאָנדוקטאָר, און גלייך נאָך דעם איז אַריין אין וואַגאָן אַ דיקער, הויכער רוסישער זשאַנדאַרם מיט גרויסע וואָנצעס און האָט זיך געווענדט צו רובינשטיינען מיט אַ קאָנטראַבאַס שטימע:

— פּאַזשאַלויטיע פּאַספּאָרט!

דער יונגער רובינשטיין, וואָס האָט מיט פינף מינוט צוריק איבערגעקלעהרט וועגען רוסלאַנד אַלערליי גרויסע פּלענער, האָט ניט געוואוסט, אַז אין זיין פאַטערלאַנד קען אַ מענש אויסקומען אָהן אַ העמד און אָהן שטיוועל גיכער ווי אָהן אַ פּאַספּאָרט . . . . ער האָט לחלוטין ניט פערשטאַנען וואָס דער זשאַנדאַרם וויל פון איהם; ער האָט אָנגעפאַנגען איהם צו דערצעהלען, אַז ער האָט דורכגערייזט גאַנץ אייראָפּאַ און עס איז ניט פּאָרגעקומען אין ערגעץ, אַז מען זאָל ביי איהם פאָדערען עפּעס אַ פּאַספּאָרט.

דער זשאַנדאַרם האָט גלייך פערשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט אַ געפעהרליכען יונג און האָט געהייסען איהם אַרעסטירען. צום גליק איז אין גיכען אונטערגעקומען דער זשאַנדאַרמסקי קאַפּיטאַן, און נאָך פיעלע וכוחים, נאָכדעם ווי רובינשטיין האָט איהם דערצעהלט, אַז איהם קענען אין פּעטערבורג הויכגעשטעלטע פּערזאָנען און אַז ער האָט קינדווייז געשפּיעלט פאַר׳ן קייזער אַליין, — האָט איהם דער קאַפּיטאַן ערלויבט צו פאָהרען ווייטער, נאָר מיט דער בעדינגונג, אַז ער זאָל גלייך נאָך זיין אָנקומען אין פּעטערבורג זיך מעלדען צום גראַדאָנאַטשאַלניק.

רובינשטיין האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין אַן עק צו זיינע צרות. אָבער גלייך האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע סדרה אויף דער טאַמאָזשניע: מען האָט געפונען אין זיין באַגאַזש געשריעבענע נאָטען, און קיינער פון די טשינאָווניקעס האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס. רובינשטיין האָט געפּרופט זיי ערקלערען, אַז דאָס זיינען אַזעלכע צייכענס צום שפּיעלען; אָבער זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפען ווי מען קען שפּיעלען פון צייכענס. זיי האָבען איהם פּראָסט ניט געגלויבט, און ביי זיי איז געבליעבען, אַז דאָס מוזען זיין געהיימע רעוואָלוציאָנערע שריפטען. סף כל סוף האָבען זיי איהם געזאָגט, אַז זיין באַגאַזש וועט אָבגעשיקט ווערען אין דער פּעטערסבורגער צענזור און דאָרט וועט ער איהם בעקומען. עס האָבען ניט געהאָלפען קיינע טענות און ער האָט געמוזט אַוועקפאָהרען אָהן זיינע נאָטען.

אָט דאָס איז געווען דער ערשטער ברוך־הבא, וואָס רובינשטיין האָט בעקומען אויפ׳ן גרענעץ פון זיין פאָטערלאַנד; דער צווייטער ברוך־הבא אין פּעטערסבורג איז געווען נאָך שעהנער: דער גראַדאָנאַטשאַלניק (גענעראַל גאַלאַכאָוו), ווי ער האָט זיך נאָר דערוואוסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, האָט זיך שרעקליך אויף איהם פאַנאַנדערגעשריען, ער האָט געטאָפּעט מיט די פיס, און געליאַרעמט:

— סטייטש, אָהן אַ פּאַספּאָרט! — וואָס הייסט, אָהן אַ פּאַספּאָרט?! — איך׳ל דיך אַריינזעצען אין אָסטראָג! — איך׳ל דיך אַוועקשיקען אין סיביר אויף קאַטאָרגע! — איך׳ל דיך בעגראָבען לעבעדיגערהייד! — אין דריי טעג אַרום זאָל מיר זיין אַ פּאַספּאָרט! —

ניט טויט ניט לעבעדיג איז רובינשטיין אַרויסגעגאַנגען פון קאַנצעלאַריע און האָט באַלד

אַנגעפאַנגען זוכען צווישען זיינע הויכגעשטעלטע בעקאנטע אַ וואָסער עס איז פּראָטעקציע. ער האָט געפונען עפּעס אַ גענעראַל, וואָס האָט איהם געגעבען אַ רעקאָמענדאַציאָנס בריעף, אין וועלכען ער שטעלט איהם פאָר אַלס אַ בעריהמטען פּיאַנאָ קינסטלער. ווען גאַלאַכאָוו האָט דורכגעלעזען דיעזען בריעף, האָט ער אַ ביסעל אַ קלעהר געטהאָן און האָט גלייך אַריינגערופען עפּעס אַ טשינאָווניק, וועלכען מען האָט אין דער קאַנצעלאַריע גערעכענט פאַר אַ מבין אויף מוזיק, און האָט איהם געהייסען ער זאָל שוין געהן און עקזאַמינירען רובינשטיינען, צו ער קען שפּיעלען.

דער טשינאָווניק האָט אַוועקגעפיהרט רובינשטיינען צו זיך אַהיים, וואו עס איז געשטאַנען עפּעס אַן אַלטער שאַרבען, אַ פּיאַנאָ פון מתושלח'ס יאָהרען. רובינשטיין האָט זיך געזעצט און אָנגעפאַנגען שפּיעלען. ער דערצעהלט, ער געדיינקט ניט, וואָס ער האָט געשפּיעלט, אָבער דאָס געדיינקט ער, אַז ער האָט אויסגעלאָזען צום אינסטרומענט אַלץ וואָס ביי איהם איז געווען אויפ'ן האַרצען. די אַלטע, אָרעמע פּיאַנאָ איז קוים אַרויס אַ לעבעדיגע פון זיינע הענד.

נאָכ'ן שפּיעלען זיינען זיי ביידע ווידער גלייך אַוועקגעגאַנגען אין קאַנצליאַריע, און דער טשינאָווניק האָט געגעבען גאַלאַכאָוו'ן דעם פאָלגענדען בעריכט:

— דיעזער יונגער מענש איז ווירקליך אַ מוזיקער, ווארום ער שפּיעלט.

דער רעזולטאַט פון דיעזען גלענצענדען בעריכט איז געווען, דאָס רובינשטיינען איז געגעבען געוואָרען אַ טערמין פון דריי וואָכען. פאַר דער צייט איז איהם טאַקע געלונגען אויסצושרייבען פון בערדיטשעוו אַן אמת'ען פּאַספּאָרט און ער איז מיט אַ מאָל געוואָרען אַ מענש מיט לייטען גלייך.

וואָס אַנבעטרעפט זיינע נאָטען, איז ער צעהנדליגע מאָל געווען אין דער צענזור, נאָר ער האָט בשום אופן ניט געקענט זיך דערשלאָגען קיין תשובה. אין אַ פּאָר יאָהר ארום האָט ער זיך צופעליגערווייזע דערוואוסט, אַז זיינע נאָטען זיינען פערקויפט געוואָרען אין אויקציאָן, „אַלס אַלטע פּאַפּיער אויף פערשיעדענע בעדירפניסע“ . . . .

ווי נאָר רובינשטיין האָט זיך אַביסעל בערוהיגט פון זיינע „היימישע“ צרות, האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט, וועלכע ער האָט גערעכענט אַלס די הויפּט מיסיאָן פון זיין לעבען, ד. ה. צו פּראָפּאַגאַנדירען און פערשפּרייטען מוזיק. אויסער זיינע פּערזענליכע גרויסע מיטלען, האָט איהם פיעל געהאָלפען דורכצופיהרען זיינע פּלענער די פריינדליכקייט פונ'ם רוסישען קייזערליכען הויף, וואו ער איז געווען אַ גאַנצער בן־בית. ער דערמאָהנט אַלע מאָל מיט גרויס דאַנקבאַרקייט די הערצליכע בעציהונגען צו איהם פון ניקאָלאַי דעם 1טען און דערצעהלט וועגען איהם איינינגע העכסט אינטערעסאַנטע פאַקטען, וואָס כאַראַקטעריזירען די בעציהונגען פון דיעזען שטרענגען מאָנאַרך צו מוזיק.

שטעלט אייך פאָר, אַז דער גרויזאַמער טיראַן האָט אַזוי ליידענשאַפטליך געליעבט מוזיק, דאָס ווען ער פלעגט הערען אַ קינסטלערישע אויפפיהרונג פון אַ וואָסער עס איז מוזיקאַלישען ווערק, פלעגט ער וויינען פון אויפרעגונג. איך מיין, אַז די וואָס צווייפלען אין דער אַלמעכטיגקייט פון מוזיק, דאַרפען ניט האָבען קיין בעסערען בעווייז, ווי אַ טרעהר אויפ'ן געזיכט פון ניקאָלאַי דעם 1טען . . . . ער האָט אַליין ניט געשפּיעלט אויף קיין מוזיק־אינסטרומענט, אָבער ער פלעגט פּראַכטפאָל פּייפען ווי אויף אַ פליים. ער האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון אויף מעלאָדיען. איינמאָל האָט ער אַריינגערופען רובינשטיינען צו זיך אין קאַבינעט און האָט פאַר איהם פּייפענדיג אויפגעפיהרט די גאַנצע אָפּערא „פּענעללא“ אויף אויסווענדיג, אָהן איין פעהלער.

אין געגענטייל, פלעגט אַלעקסאַנדער דער 2טער בעציהען זיך אַזוי פיינדליך צו מוזיק, אַז ווען ער פלעגט קומען צו געסט צו וועמען עס איז פון די גרויספירסטען, פלעגט באַלד מוזען דאָרט אויפהערען יעדע מוזיק.

אַנטאָן רובינשטיין איז געווען איינער פון די פּראָדוקטיווסטע קאָמפּאָזיטאָרען פון רוסלאַנד. ער האָט געשאַפען פיעל פּראַכטפאָלע קונסטווערק אין אַלע פאָרמען פון קאָמפּאָזיציאָן ניט נור פאַר פּיאַנאָ, נור אויך פאַר אַנדערע פערשיעדענע אינסטרומענטען, פאַר אַלערליי אינסטרומענטאַלע גרופען, פאַר סאָלאָ זינג־שטימען און פאַר אַלערליי זינג־אַנסאַמבלען. ס'איז כמעט ניטאָ קיין איין בראַנשע אין דער מוזיקאַלישער קונסט, וועלכע ער האָט ניט רייכער געמאַכט מיט אַ וואָסער־עס איז מייסטער־ווערק, אָדער מיט אַ וואָסער־עס־איז אידעע. ער איז געווען דער ערשטער קאָמפּאָניסט אין רוסלאַנד, וואָס האָט געשאַפען סימפאָנישע ווערק און אַנסאַמבלען פון „קאַמער מוזיק“. ער האָט דער ערשטער געשאַפען נייע פאָרמען פון די אַזוי גערופענע „גייסטליכע אָפּערען“,*) וואָס שטעלען פאָר ביב־

---

*) די בעריהמטעסטע פון זיינע גייסטליכע אָפּערען זיינען: „מאָזעס“, „שולמית“ (אויפ'ן טעקסט פון שיר השירים) און „דער טורעם פון בבל (דור הפלגה), וועלכע ענטהאַלט אין זיך די דריי בעריהמטע כאָהר־געזענגע פון די בני־שם, בני־חם און בני־יפת. אין ברעסלוי האָט מען זאָגאַר פאַר דיעזע אָפּערען געבויט אַ ספּעציעלען טהעאַטער, נור רובינשטיין איז געשטאָרבען איידער דער טהעאַטער איז פאַרטיג געוואָרען.

לישע סצענען אין העכסט ערנסטע מוזיק־פאָרמען, און אויסער דעם אַלעס, איז ער געווען דער ערשטער קאָמפּאָניסט אין רוסלאַנד, וואָס איז געוואָרען אַלוועלטליך בעריהמט. עס וועט זיך ניט געפינען קיין איין ווינקעל אין דער ציוויליזירטער וועלט, וואו מען זאָל ניט שפּיעלען אָדער זינגען וועלכע־עס־איז פון רובינשטיין'ס ווערק, און וואו זיין נאָמען זאָל ניט זיין בעוואוסט און בעליעבט.

רובינשטיין האָט אָנגעשריעבען 15 אָפּערען. פון זיי אַלע האָבען געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג די פאָלגענדע פיער אָפּערען: „דעמאָן" (נאַכ'ן טעקסט פון לערמאָנטאָוו), „די מאַקאַבעער" (נאָך דער דראַמא פון א. לודוויג), „נעראָן" (ליברעטאָ פון זש. באַרביע) און „פעראַמאָרס" (נאַכ'ן טעקסט פון טהאָמאַס מור).

אין סך הכל האָט ער אָנגעשריעבען אייניגע הונדערט קאָמפּאָזיציאָנען; ער האָט אין זיי ניט ענטדעקט קיין נייעם וועג פאַר דער מוזיק, אָבער ער איז אויך ניט געגאַנגען מיט אויסגעטראָטענע אַלטע וועגען. ער האָט געהאַט זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע, און עס איז איהר אַלע מאָל לייכט צו דערקענען. צווישען די אמת'ע ליעבהאָבער פון מוזיק האָט ער זעהר פיעל חסידים און, עס פערשטעהט זיך, אז אויך א געוויסע צאָהל מתנגדים; אָבער וועגען איין געוויסער כאַראַקטעריסטישער זייט פון זיינע מוזיקאַלישע שעפּפונגען, מיין איך, זיינען אַלע איינשטימיג, נעמליך, אז אַלס א ר י ע נ ט א ל י ס ט האָט ער כמעט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער אַלוועלטליכער מוזיק־ליטעראַטור. עס איז גענוג צו דערמאָהנען זיינע צויבערהאַפטע אָריענטאַלישע מעלאָדיען פון „דעמאָן", זיין וואונדערבאַרע סעריע פון „פּערסישע ליעדער", זיין „באַיאַדערען־טאַנץ" פון דער אָפּערא „פעראַמאָרס" און זיין האָניג־זיסען „כאָהר־געזאַנג פון די בני־שם". עס איז גענוג איין מאָל צו הערען אָט די אַלע זאַכען אום זיך צו איבערצייגען, אז אַלס שעפּפער פון אָריענטאַלישע מאָטיווען איז רובינשטיין איינציג אין זיין אַרט.

נור ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די בעדייטונג פון רובינשטיין אַלס קאָמפּאָזיטאָר און אַלס איינער פון די גרעסטע פּיאַנאָ־ווירטואָזען אין דער וועלט, האָט ער פאַר רוסלאַנד נאָך א גרעסערע בעדייטונג, אַלס דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון מוזיק־שוהלען און קאָנסערוואַטאָריעס און ערפאָלגרייכער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון מוזיק־וויסענשאַפט איבער'ן גאַנצען לאַנד. ער האָט דאָס אָרגאַניזירט די „קייזערליכע מוזיק־געזעלשאַפט", וועלכע האָט איצט איהרע מוזיק־שוהלען אין אַלע שטעדט פון רוסלאַנד, ער האָט דאָס אָרגאַניזירט די פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע איז איצט פעררעכענט אַלס איינע פון די בעסטע אין דער גאַנצער וועלט און וועלכע האָט אַרויסגעלאָזען אַזעלכע שילער ווי טשאַיקאָווסקי. און העכסט אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אז דער גרעסטער טייל שילער אין דיזע אַלע מוזיק־שוהלען און קאָנסערוואַטאָריעס זיינען אידען, און דאָך, ניט קוקענדיג אויף אַלע אַנטיסעמיטישע העצערייען אין רוסלאַנד, האָט מען אין אַלע דיזע מוזיק־אינסטיטוציאָנען נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט איינגעפיהרט קיין פּראָצענט נאָרמע פאַר אידען. נאָך ביז היינטיגען טאָג דערמאָהנט די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט מיט'ן גרעסטען יראת הכבוד זיין בעריהמטע סעריע „היסטאָרישע קאָנצערטען", אין וועלכע ער, אַלס גלענצענדער לעקטאָר און געניאַלער ווירטואָז, האָט ערקלערט און בעלויכטען די גאַנצע בעוועגונג פון דער מוזיקאַלישער קונסט דורך דער מענשליכער געשיכטע. וואָס פאַר א ריעזיגע אַרבייט דאָס איז געווען, קען מען זעהען פון דעם, דאָס ער האָט אין דיעזער רייהע קאָנצערטען דורכגעשפּיעלט מעהר ווי צ ו ו י י ט ו י ז ע נ ד מוזיקאַלישע ווערק פון פערשיעדענע קאָמפּאָזיטאָרען, פון פערשיעדענע מוזיקאַלישע עפּאָכען. מיט איין וואָרט — עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אז ר ו ב י נ ש ט י י ן א י ז ר ו ס ל א נ ד'ס מ ו ז י ק א ל י ש ע ר ל אָ מ אָ נ אָ ס אָ ו.

א חוץ דעם אַלעמען איז רובינשטיין אויך געווען א גרויסע פּערזענליכקייט מיט א טיעפער, עהרליכער נשמה. זיין גייסטרייכעס געזיכט און זיין אימפּאָזאַנטע פיגור פלעגען בעצויבערען יעדען איינעם. זיינע שילער און זיינע פריינד פלעגען איהם פערגעטערען. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס אַליין איז געווען גענוג צו שאַפען איהם צווישען געוויסע קליינע מענשעלאַך גרויסע שונאים, וואָס פלעגען זוכען אויף יעדען שריט און טריט אונטערצושטעלען איהם א פיסעל. מעהר פון אַלץ האָט מען איהם ניט פערגונען אין די ספערען פון קייזערליכען הויף זיין נאָהענטע פריינדשאַפט מיט דער קייזערליכער פאַמיליע, און מען האָט אויף איהם געגראָבען פון אַלע זייטען. אַזוי זעהען מיר, אז דאָס רוב פון זיינע אָפּערען זיינען פריהער געשפּיעלט געוואָרען אין אויסלאַנד, ווי אין רוסלאַנד. דריי יאָהר נאָכאַנאַנד האָט מען געקלערט ביז מען האָט ערלויבט צו שטעלען זיין אָפּערא „דעמאָן"; איינע פון זיינע שעהנסטע אָפּערען „פעראַמאָרס", וואָס האָט געמאַכט א פוראָר אין גאַנץ אייראָפּא, האָט מען פריהער אין רוסלאַנד פערבראַקירט, און נאָך דעם האָט מען זי צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט אין פּעטערבורג אין פיער יאָהר אַרום נאָך רובינשטיין'ס טויט; זיין אָפּערא „קופּעץ קאַלאַשניקאָוו", ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט איהר אויפגעפיהרט אויפ'ן קייזער'ס בעפעהל און זי האָט געהאַט דעם גרעסטען מאַטעריעלען און קינסטלערישען ערפאָלג, האָט מען זי דאָך

נאָך דער צווייטער פאָרשטעלונג אראָבגענומען פון סצענע און ז. וו. — נור דער גרויסער רובינשטיין איז געשטאַנען העכער פון די אַלע אינטריגען און האָט זיך וועגען דעם אלעם ניט געקימערט.

צו רובינשטיינס 50־יעהריגען יובילעאום האָט דער קייזער געשאָנקען פאר דער קאָנסערוואטאָריע די געביידע פונ׳ם גרויסען טהעאטער און 2½ מיליאָן רובל אויף איבערצובויען זי. — עס זיינען געקומען צו דעם יובילעאום מעהר ווי זעכציג דעפּוטאציאָנען פון גאַנץ רוסלאנד און גאַנץ אייראָפּא צו גראטולירען איהם; עס האָט נאָר געפעהלט א דעפּוטאציאָן פון דער רוסישער קייזערליכער הויף־קאפּעללא...

אין 1872 האָט רובינשטיין געמאַכט א קאָנצערט־טור דורך אַמעריקא. דער טור האָט געדויערט 8 מאָנאט, און פאר דיזער צייט האָט ער געשפּיעלט מעהר ווי אין 200 קאָנצערטען. ער האָט בעקומען פאר׳ן גאַנצען טור 40,000 דאלער. נור ער איז געוועזן שרעקליך אויפגעבראכט געגען זיין מענעדזשער, וואָס פלעגט איהם צווינגען צו שפּיעלען אלע טאָג און מאנכע מאָל זאָגאר צוויי מאָל א טאָג. ער זאָגט, אז אין אזא פאַל געהט אין גאַנצען פערלאָרען דער קינסטלער און אנשטאט איהם ערשיינט אַן איינפאכער שפּיעל־קאַסטען. אויף׳ן צווייטען יאָהר האָט איהם דער זעלבער מענעדזשער פאָרגעלייגט פאר נאָך א קאָנצערט־טור א האלבען מיליאָן דאלאר, נור רובינשטיין האָט זיך אָבגעזאָגט. עס איז אינטערעסאַנט, דאָס רובינשטיין רופט זיך אָפּ מיט גרויס אכטונג וועגען דער סיסטעם פון מוזיק־אונטערריכט אין די אַמעריקאנער פאָלקס־שוהלען. ער זאָגט, אז אויסער דייטשלאַנד, געפינט מען ניט אזא גוטע סיסטעם אין קיין אייראָפּעאישען לאַנד.

איך וויל דערמאָהנען נאָך א זעהר אינטערעסאַנטע אייגנצעלהייט פון זיין מוזיקאַלישער טהעטיגקייט. ער דערצעהלט פון זיך אליין, אז ביז 50 יאָהר האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט פון דער אלגעמיינער קינסטלער־פּלאָג, וואָס מען רופט „ביהנען־פיעבער“, אָבער ווי נור ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון 50 יאָהר, האָט איהם דאָס אויפטרעטען אין קאָנצערטען אָנגעפאנגען אויפצורעגען און יעדער קאָנצערט איז פאר איהם געוועזן ממש אן אינקוויזיציע. אָבער פאר רובינשטיינ׳ס אידעאַלע פערזענליכקייט איז זעהר כאראקטעריסטיש, אז געראד פון דיעזען עלטער אָן האָט ער פּרינציפּיעל אויפגעהערט צו שפּיעלען פאר געלד און פלעגט שפּיעלען אויסשליסליך נור צו וואָהלטהעטיגע צוועקען.

רובינשטיין איז געוועזן פערהייראַטעט מיט דער פירסטין טשעקאַנאָוו; געהאַט צוויי טעכטער און איין זוהן, אַלע גאַנץ איינפאכע מענשען, וואָס האָבען זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכענט.

רובינשטיין איז געשטאָרבען אין יאָהר 1894.

איך האָב פערפעהלט צו זאָגען עטליכע ווערטער וועגען זעהר א וויכטיגען ענין — וועגען רובינשטיין׳ס בעציהונגען צו זיין „אידישקייט“. די געשיכטע איז גאַנץ איינפאך: באלד נאָך רובינשטיין׳ס געבורט האָט זיין פאָטער אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, אזוי אז באמת זאָגענדיג האָט דער יונגער רובינשטיין קיינמאָל קיין שייכות ניט געהאַט צו אידישקייט. דאָך האָט ער עס געפיהלט דעם גאַנצען לעבען. ער פלעגט אימער זאָגען:

„מיר איז שווער, ווי עס ווייזט אויס, בעשערט דורכצולעבען מיין לעבען אין אַן אונבעשטימטער וועלט: קריסטען זאָגען, אז איך בין א איד, און אידען זאָגען, אז איך בין א קריסט; רוסען זאָגען, אז איך בין א דייטש, און דייטשען זאָגען, אז איך בין א רוס; קלאַסיקער זאָגען, אז איך בין א מאָדערניסט, און מאָדערניסטען זאָגען, אז איך בין א קלאַסיקער. מיר בלייבט מעהר ניט, צו זיין דאָס וואָס איך בין, און ניט צו קימערען זיך וועגען דעם, וואָס מען זאָגט אויף מיר“.

בעסער פון אַלץ קען אילוסטרירען זיין בעציהונג צו אידישקייט דער פאָלגענדער פאקט: איינמאָל אין דער צייט ווען ער האָט געלעבט אין דייטשלאַנד, איז צו איהם געקומען מיט א וויזיט דער בעוואוסטער דייטשער מוזיק־קינסטלער האנס פאָן ביולאָוו. אזוי ווי ער האָט רובינשטיינען ניט געפונען אינדערהיים, האָט ער איהם איבערגעלאָזען א וויזיט־קארטע, אויף וועלכער אס זיינען געוועזן געדרוקט אלע זיינע טיטולען, נעמליך:

האנס פאָן ביולאָוו
קעניגליכער מוזיק דיריגענט, קעניגליכער
פיאַניסט, קעניגליכער כאָר־מייסטער.
קעניגליכער . . . . א. ז. וו.

רובינשטיין האָט איהם אין גיכען אָבגעגעבען א וויזיט און האָט איהם אויך איבערגעלאָזען א קארטע, אויף וועלכע ער האָט אָנגעשריעבען מיט זיין אייגענער האַנד:

אַנטאָן רובינשטיין
איין רוסישער יודע.

מ. באָרענשטיין

דאָס צווייטע ווייב

שיינדעל האָט דערלאַנגט דעם מאַן עסען, און צוטראָגענדיג איהם אַ גלאָז קאַווע האָט זי בעמערקט עפּעס אין אַלקער דורך דער צוגעלעג־טער טהיר; זי האָט דערלאַנגט אַ שטעל אַוועק דאָס גלאָז קאַווע און זיך אַ לאָז געטהון אין אַל־קער אריין.

— אַ בראָך איז צו מיר! — האָט זי אויסגעשריגען.

זי האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויפ'ן שטיעף־מיידעל, וואָס האָט צוגערוימט דעם אַלקער, און איהר אָנגעכאַפּט ביי די האָאָר:

— אוף! — האָט זי אויסגעשריגען מיט אַ קוויטש, אַז עס האָט איהר אזש ביים אָטהעם פערכאַפּט.

נח, דער מאַן איהרער, איז געקומען אריינ־צולויפען בלאַס ווי די וואַנט מיט'ן ביסען אין מויל.

— נאַ, זעה כאַטש: די מויד וויל דאָך מיך אומברענגען — האָט זי אויסגעשריגען כאַפּענדיג פון בענקעל דאָס נייע קלייד וואָס זי האָט זיך ערשט געמאַכט אויף יום טוב — זי האָט דאָך מיר געוואָלט צושניידען דאָס קלייד, אַ בראָך איז צו מיין לעבען נעבעך.

— יאַ, יאַ, אַוודאי האָב איך געוואָלט! אַוודאי האָב איך געוואָלט! האָט דאָס מיידעל געשריגען מיט צוקאָכטע חוצפה און דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט און די אויגען האָבען גע־בליצט פון אונטער דעם צושויבערטען קאָפּ האָאָר ארויס.

נח האָט אויף איהר אַ קוק געטהון. אין זיינע אויגען האָט אויפגעבליצט אַ ווילד פייעריל; ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צום מיידעל און איהר דערלאַנגט צוויי פּעטש אויסשרייענדיג:

— ארויס פון מיין שטוב דו חצופה, דו!

— און ער האָט איהר דערלאַנגט אַ כאַפּ אָן און אַ שליידער צו דער טהיר: — ארויס! זאָלסט מיר מעהר מיין שוועל נישט איבער־טרעטען דו חצופה, דו!

דאָס מיידעל האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַליין ארויסגעלאָפען פון שטוב . . .

— און וועה איז צו מיין לעבען נעבעך,— האָט דאָס ווייבעל געקלאָגט מיט אַ ניגון צו־נעמענדיג דאָס קלייד און אריינהענגענדיג עס אין שאַנק אריין — ער האַלט דאָך מיר אַ שונא אין שטוב; ווען זי וואָלט געקאָנט וואָלט זי דאָך מיך גע'שחט'ען, אין אַ לעפעל וואַסער וואָלט זי דאָך מיך דערטרונקען, אַ בראָך איז צו מיין לעבען נעבעך.

נח האָט איהר גאָר ניט געענטפערט; ער האָט זיך אומגעקעהרט אין קיך אריין בלאַס ווי די וואַנט. הענט און פיס האָבען ביי איהם געציי־טערט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש און אַ צוקאָכטער גענומען זופּען דאָס גלאָז קאַ־ווע, וואָס דאָס ווייב האָט איהם אַוועקגעשטעלט.

— האַ, דו זעהסט שוין וואָס דאָס איז פאַר איינס? — האָט שיינדעל איהם געפרעגט אומקעהרענדיג זיך פון אַלקער און גיפט האָט פון איהרע ווערטער געשפּריצט—האַ, דו זעהסט שוין עפּעס? ! . . .

נח האָט איהר ווידער גאָרנישט געענטפערט; ער האָט געשווינד אויסגעזופּט דאָס גלאָז קאַ־ווע, אָבגעבענשט און ארויסגעלאָפען צו דער סטאַנציע מאַכען די פּראַכטען און עקספּעדירען די סחורות, וואָס מען האָט איהם נעכטען אי־בערגעגעבען.

דאָס מיידעל האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַוועקגעלאָפען צו איהר'ס אַ חבר'טע אין דער צווייטער גאַס. זי איז געלאָפען איבער דער גאַנצער גאַס אין דעם בלויזען האַלקעלע, מיט דעם צושויבערטען קאָפּ האָאָר, ווי אַ משוגע־נע. זי איז געווען אין גאַנצען צוקאָכט, דאָך האָט אין איהר געגליהט אַ מאָדנע צופריעדענ־קייט. זי האָט געפיהלט ווי זי האָט זיך עפּעס געקיהלט דאָס האַרץ: שוין דאָס דריטע יאָהר זינט די מוטער איז איהר אָבגעשטאָרבען און מען האָט איהר נאָך אַלץ קיין מצבה ניט גע־שטעלט. מענדיל, דער ברודער איהרער, פרעגט זיך אָן אין יעדען בריעף צי מען האָט שוין דער מאַמען געשטעלט אַ מצבה. נעכטען איז ווידער אָנגעקומען אַ בריעף (אַ קאַרטעל אויף איהר אייגענעם נאָמען — נאָך גוט וואָס די מוהמע האָט עס ניט אָנגעקריגען —) שרייבט ער, אַז זי אַליין זאָל איהם ענטפערן און זי זאָל איהם ארויסשרייבען אַלץ דייטליך. ביים טאַטען, שרייבט ער, קאָן ער עפּעס גאָרניט דערגעהן, און אפשר איז דער טאַטע היינט געענגט און קאָן קיין געלד נישט ארויסנעהמען, וועט ער צעהן דאָלאַר שיקען. און וואָס קאָן זי איהם

שרייבען? ווען די מאמע האט געלעבט איז אויף אלעם געווען און זינט זי איז געשטארבען און ער האט זיך אין שטוב „די סחורה" אריינגענר־מען, קלעקט אויף קיין זאך ניט. דאס הארץ ווערט איהר צוריסען אויף שטיקער צוזעהענדיג ווי ער „צאצקעט" זיך מיט איהר און ווי ער לייגט אין איהר אריין וואו ער פערמאגט ערגעץ א גראשען. זי האט טאקי געוואלט צושניידען דאס קלייד אויף פיץ־פיצלעך, זי האט געוואלט נקמה נעהמען, נאר זי פיהלט, אז זי וואלט עס דאך ניט געווען געטהון; זי האט נור אזוי גע־זאגט צו קיהלען א ביסעל איהר כעס, און כאטש זי האט דאס ניט געטהון, דאך פיהלט זי ווי איהר נקמה איז ערפילט דערמיט וואס מען איז איהר חושד, אז זי האט עס געוואלט טהון . . .

זי איז מאדנע צופריעדען געווען, וואס די מוהמע האט דאס בעמערקט . . .

שפעטער ווען דאס מיידעל האט זיך אביסעל אבגעקיהלט און זיך בעטראכט וואס זי האט היינט געוואלט אבטהון און צו וואס דאס האט איהר געבראכט, איז זי געווארען שרעקליך פער־צוויפעלט און זיך פערנאנדערגעוויינט.

די חבר'טע, ביי וועלכע זי האט זיך געפור־נען, האט איהר געפרובט בערוהיגען. זי האט איהר געבעטען זי זאל זיך דאס נישט נעהמען צום הארץ, זי זאל זיך צוקעמען, זי זאל זיך אנטהון און זי האט איהר איהר'ס א קלייד צו־געטראגען. דער חבר'טעס מוטער האט איהר אויך געהאלפען בערוהיגען: זי האט איהר צו־געטראגען עסען און איהר געבעטען זי זאל דער־וויל נישט ארומגעהן הונגעריג, נאר אז דאס מיידעל האט פאר זיך דערזעהן א פרעמד קלייד מיט פרעמד עסען, האט זי זיך נאך מעהר פער־נאנדער געוויינט . . .

פארנאכט ווען נח איז אהיימגעקומען, האט ער זיך אומגעקוקט אין שטוב און זיך גע־פרעגט:

— נו, וואו איז זי?

— וואס דארפסטו זי? — האט איהם שיינדיל געפרעגט.

— כ'מיין גלאט.

— כ'זאל אזוי וויסען פון איהר קאפ, זאל איך אזוי וויסען.

נח האט זיך געשטעלט דאוונען מנחה און שיינדיל האט איהם דערוויל געגרייט צום טיש.

וועןביידע זיינען שוין געזעסען ביים טיש און געגעסען, האט נח ווייטער געפרעגט:

— זי איז א גאנצע טאג נישט געווען אין שטוב?

—כ'וואלט איהר דעם קאפ געשפאלטען, ווען זי קומט אריין, מאגסט מיר עהרליך גלויבען.

— געה, פערדרעה נישט קיין קאפ . . .

שיינדיל האט אויף איהם א קוק געטהון.

נח האט געשוויגען און ווייטער געגעסען.

— זי מוז אוודאי זיין ביי וועלכע שכנה־טע . . . — האט ער שוין גערעדט מעהר צו זיך ווי צו איהר.

— שוין, ער האט זיך שוין פערבענקט נאך דער טאכטער . . . — האט שיינדיל א ברום געטהון און זיך פערקרימט.

נח האט זיך גארניט אנגערופען; ער האט אבגעגעסען, אבגעבענשט און געגאנגען אבזוכען דאס מיידעל.

ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי אלע שכנים, און אז ער האט זי ניט געפונען, איז איהם היים געווארען אין אלע ביינער: וואו דען קאן זי זיין? . . . ער האט זיך דערמאנט, אז זי חבר'ט זיך מיט אייזיק'ס מיידעל און זי געהט אפט אהין. ער האט לאנג ניט געטראכט און איז ארי־בערגעלאפען צו אייזיק'ן.

דארט האט ער זי געטראפען.

זי איז געזעסען אין א ווינקעל, אין אן עק פון א סאפע, פערלייגט א פוס אויף א פוס, מיט דער האנד אונטערגעשפארט אונטערן קאפ, ווי זי וואלט געטרויערט נאך א טויטען.

—מאך דיך שוין ניט צו נאר, קום שוין אהיים, — האט איהר נח א זאג געטהון.

דאס מיידעל האט זיך גארנישט אנגערופען.

— זי האט דאך נאך היינט נישט געהאט אין איהר מויל קיין „מאקאווע זשארנע", —האט זיך אנגערופען אייזיק'ס ווייב.

נח האט זיך אומגעקוקט צו זעהן ווע־ס'רעדט צו איהם.

— פונדעסטוועגען, ר' נח, — האט איי־זיק'ס ווייב ווייטער גערעדט — האב איך מיך גארנישט געריכט אויף אייך. א מיידעל . . . נאך אלעמען איז זי דען אין גאנצען אומגערעכט? די מוטער ליגט שוין, מישטיינס־געזאגט, דאס דריטע יאהר אין דר'ערד און מ'האט איהר נאך אלץ קיין מצבה נישט געשטעלט.

דאס מיידעל האט אנגעהויבען צו כליפען.

— ווען איהר זאלט „דער", כלעבען, מאכען איין קלייד ווענינער, וואלט איהר דאך שוין „יע־נער" געקאנט שטעלען א מצבה.

נח איז געווארען בלאס ווי די וואנט. ער האט זיך אומגעקעהרט צום מיידעל און דערזע־הענדיג ווי זי טרייסעלט זיך און כליפעט, האבען זיך איהם אויך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען.

— קום שוין אהיים, שטיק נאר . . . —האט ער זי אנגענומען ביים אקסעל.

— געה, געה, — האט איהם אייזיק'ס ווייב צוגעהאלפען — נא נעהם עפעס אויף דיר.

זי האט איהר דערלאנגט א טיכעל.

נח מיט'ן מיידעל האבען זיך געזעגענט וויינ־שענדיג „א גוטע נאכט".

— א גוטע נאכט, א גוט יאהר, — ס'זאל אייך נישט פערדריסען, ר' נח, וואס כ'האב איך

דאָ געזאָגט מוסר, גלויבט מיר, ר' נח, ס'דאַרף אַזוי נישט זיין.

נח האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים מיט אַ שווער־אָנגעלאָדען האַרץ. ער איז דעם גאַנצען וועג געגאַנגען פערזונקען אין אַ טיעפען שטיל־שווייגען און גאָרנישט גערעדט צום מיידעל.

ווען ער איז מיט איהר אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זיך שיינדיל אויפגעהויבען און אריין אין פינסטערן אַלקער, אַ בורטשע טהוענדיג אונ־טער דער נאָז : שוין געבראַכט דאָס חפץ . . .

נח האָט איהר נאָכגעוואָרפען אַ מאָדנעם בליק און אָבגעזיפצט.

דאָס מיידעל האָט פון זיך אַראָבגענומען דאָס טיכעל, צוגעגאַנגען צום בעטעל, אַראָבגע־צויגען דאָס ליילעך און זיך אָנגעהויבען אויס־צובעטען.

נח איז אַ ווײלע געבליבען שטעהן און זיך צוגעקוקט וואָס זי געהט טהון.

— דו געהסט דיך שוין לייגען ? — האָט ער זי געפרעגט — וועסט נישט עסען עפּעס פריי־הער ?

— ניין, ס'הונגערט מיך ניט, — האָט דאָס מיידעל געענטפערט מיט אַ ברוגז'ן טאָן.

— וואָס הייסט ס'הונגערט דיך נישט ? אז דו האָסט נישט געגעסען, הונגערט דיך נישט ? ?

דאָס מיידעל האָט גאָרנישט געענטפערט.

נח איז צו צום קוימען, אַריינגעקוקט אין די טעפּלעך,

— נאַ, האָסטו נאָך דיין חלק וויעטשערע.

ער האָט אַראָבגענומען פון קוימען אַ טע־פּעל און איז דערמיט צו צום טיש.

— כ'וועל נישט עסען ; ס'הונגערט מיך נישט.

— זיי נישט קיין נאַר ; נעהם עס פריהער אָב איידער דו לייגסט דיך.

ער האָט איהר דערלאַנגט דאָס עסען אויף אַ טעלער.

— כ'וועל נישט עסען ; אויף מיין וואָרט ס'הונגערט מיך ניט.

— מאַך דיך שוין נישט צו נאַר ; קום שוין אַהער.

ער האָט איהר אָנגענומען און צוגעפיהרט צום טעלער.

דאָס מיידעל האָט גענומען דעם לעפעל און אָנגעהויבען צו עסען. זי האָט אָבגעגעסען די ערשטע עטליכע לעפעל און אָבגערוקט דעם טעלער.

— נו, פאַרוואָס עסטו נישט ? — האָט איהר נח געפרעגט.

— אז ס'הונגערט מיך נישט . . . — האָט דאָס מיידעל ווי מיט רחמנות זיך אַ קרים געטהון פאַר'ן פאָטער.

— אפשר וועסטו טרינקען אַ גלאָז טהעע ?

דאָס מיידעל האָט גאָרנישט געענטפערט.

נח איז צו צום קוימען, אויפגעמאַכט די פּייערקע, אויפגעמישט דאָס פייער און אַראָב־געלאָזט דעם טשייניק.

— נו, וואַרט שוין צו, וועסט טרינקען אַ גלאָז טהעע.

— ס'שלעפערט מיך . . . — האָט דאָס מיידעל געקרעכצט מאַכענדיג אַ שלעפעריגע מינע.

נח איז געבליבען שטעהן אין אַ מאָדנע פּאָ־זע און איהר לאַנג אָנגעקוקט.

שפּעטער ווען נח האָט זיך אָנגעהויבען אויסצוטהון דאָרט אין פינסטערן אַלקער, האָט ער געהאַלטען אין איין קלערען פאַרוואָס דאָס מיידעל האָט ניט געוואָלט עסען, נישט טרינקען די טהעע וואָס ער האָט געוואָלט צוואַרע־מען. ער האָט געקלערט, געקלעהרט און אַ שווערער שטיין האָט זיך איהם אויפ'ן האַרץ געלייגט.

אזוי ווי ער איז איינגעשלאָפען האָט זיך איהם גע'חלומ'ט אַ שרעקליכער חלום : ער געהט אויף אַ ברייטען וועג. אין ביידע זייטען ציהען זיך הויכע בוימער מיט געקאַלכטע שטיי־נער. ער געהט און קומט צו צו אַ סאָד וואו עס שטעקען געדיכטע צווייגען איבער אַ פאַר־קאַן אַריבער. ער מאַכט אויף אַ קליינע פּורטקע און געהט אריין. ער געהט אויף פערשיעדענע שטעגליך צווישען געדיכטע בוימער. עס שמעקט — אַ מחיה. פלוצלונג דערזעהט ער שיינדלען. זי שטעהט אויף אַ גרין בערגעל אָנגעטהון אין נייעם קלייד וואָס זי האָט זיך ערשט געמאַכט אויף יום טוב, מיט דעם בלישצענדיגען קייטעל אויפ'ן האַלז און מיט דעם קאַרבירטען שייטעל אויפ'ן קאָפּ. אין איין האַנד האַלט זי דעם שבת'דיגען סידור איינגעוויקעלט אין אַ ווייס טיכעל, די צווייטע האַנד האַלט זי פערלייגט אויף דער אויסגעפּאַסטער טאַלע און שמייכעלט צו איהם אַקעגען :

— נו, נח, ס'איז שעהן ? ס'געפעלט דיר ?

— צו עס געפעלט מיר ? . . .

— טאַטע ! — דערהערט ער פלוצלונג אַ גרויליכען קוויטש.

ער קוקט זיך אום — דאָס מיידעל שטעהט. נעבען איהם אויף דער ערד ליגט אויסגעצויגען אַ מת איינגעהילט אין ווייסע תכריכים. ער דער־קאַנט דעם מת — דאָס איז דאָס ווייב, דאָס פרי־הערינע ווייב זיינס. צוקאָפּענס שטעהט איהר אַ נייע מצבה מיט רויטע אותיות. ער קוקט זיך צו — עפּעס דאַכט זיך איהם ס'איז ניט קיין מצבה . . . ער קוקט, קוקט און דערזעהט גאָר אויף דעם אָרט פון דער מצבה אַ ניי קלייד . . . אַ בלישצענדיג קייטעל . . . אַ קאַרבירט שיי־טעל . . . אַ שמייכעל :

— נו, נח, ס'איז שעהן ? ס'געפעלט דיר ? נח האָט אַ ציטער געטהון און זיך אויפגעכאַפּט.

— — — — — — — — — —

ער איז געלעגען אויסגעווייקט אין שוויים און אַן אונגעהייערע שווערקייט איז איהם אויפ'ן האַרץ געלעגען. אַ מאָדנע שרעק איז איהם בעפאַלען דערזעהענדיג ארום זיך אַ געדיכטע פינסטערניש. ער האָט אַ וויילע נישט געקאָנט בעגרייפען וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט, און דאָס ערשטע זיך געכאַפּט, געגעבען אַ זעץ אויף און זיך אָנגעהויבען צו קראַצען מיט אַ האַנד אין דער באָרד. ער איז אַ וויילע געבליבען זיצען שטיל איינהערענדיג זיך אין דער שטילקייט. דאָס האַרץ האָט איהם עפּעס געשראָקען: ער איז געוועזען זיכער, אַז דאָס מיידעל שלאָפט נישט, אַז זי וויינט דאָרט שטילערהייט, אָדער עפּעס איז מיט איהר . . . ער האָט אָבער גאָרנישט געהערט. ער איז געוואָרען אונרוהיג, איז אַראָב פון בעט און אַריין אין קיך צום מיידעל. ער האָט זיך אָנגעבויגען איבערן בעט איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם; דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט, אָבער ער האָט גאָרניט געהערט.

— פּעריל ? . . . — האָט ער זי שטיל גערופען.

דאָס מיידעל האָט זיך ניט אָנגערופען.

— פּעריל . . . — האָט ער זי אַ ריהר געטהון מיט דער האַנד.

דאָס מיידעל האָט אָנגעהויבען צו רודערן ברומענדיג פערשלאָפען.

— שלאָפסט ? . . . — האָט ער זי געפרעגט.

— האַ ? — האָט זיך דאָס מיידעל אָנגערופען מיט אַ פערזונקען קול ווי פון אונטער דער ערד.

— ביזט געשלאָפען ? — האָט איהר נח געפרעגט.

דאָס מיידעל האָט שווער אָבגעזיפצט.

— גאָרנישט . . . ס'האָט זיך מיר עפּעס געדוכט, אַז דו שלאָפסט נישט.

.. וואָס עפּעס ? ? — — —

— פּעריל . . . — האָט נח אָנגעהויבען פון דער הוילער הויט — שטיק נאַר . . . וואָס האָסטו דיר צו נעהמען צום האַרץ ? . . . דו ביזט טאַקי גאַנץ גערעכט . . . כ'וויים אַליין אויך, אַז דו ביזט גערעכט . . . ס'האָט דאָך מיך פערדראָסען . . . נו, כ'פרעג דיך: דו נעהמסט אַ ניי קלייד . . . ס'קאָסט דאָך אָב געלד . . . כ'האָב טאַקי געטהון אַן עולה . . . כ'וויים אַליין אויך, אַז כ'האָב געטהון אַן עולה . . . נו, על כן — איז דאָך שוין פערפאַלען . . . — — —

— נח, — האָט זיך דערהערט אין דער פינסטער שיינדיל'ס קול

נח איז שטיל געבליבען.

— נח ? ! .. האָט זיך ווידער דערהערט שיינדיל'ס קול. דאָ האָט זיך שוין נח אָנגערופען:

— וואָס איז ?

— וואו ביזטו עפּעס ? — האָט שיינדיל געפרעגט.

— כ'בין דאָ . . . כ'בין דאָ . . .

— וואָס טהוסטו עפּעס דאָרט ? ? —

אין דער פינסטער האָט זיך דערהערט אַ פּאָר באָרוועסע טריט און נח איז ערגעץ נעלם געוואָרען . . .

ב. גאָרין

די געשיכטע פון אידישען טהעאַטער

Copyright, by B. Gorin, 1914.

די ערשטע טהעאַטער פאָרשטעלונגען אין רוסלאַנד.

די השפּעה פון די עטליכע אידישע געשריעבענע דראַמען אויף דעם יונגען דור משכילים. — די ערשטע אידישע פאָרשטעלונגען אין די דרייסיגער יאָהרען אין וואַרשוי פערבאָטען דורך אַ מסירה פון אַ לעהרער פון ראַבינער שול. — דער ערשטער אידישער טהעאַטער אין בערדיטשעוו אין די פופציגער יאָהרען. — די שטיק געשריעבען פון אַ ראַווינסט, די אַקטיאָרען זיינען געווען צוקונפטיגע קאַזיאָנע רבנים און געמאַכט מעגליך די דאָזיגע פאָרשטעלונג האָבען רוסישע גענעראַלען. — די בעדייטונג פון דער ראַבינער שול פאַר דער אידישער דראַמע.

עס דאַרף ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אַז עטינגער און אקסענפעלד האָבען מיט זייערע דראַמען געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם יונגען דור משכילים דערמיט, וואָס זיי האָבען זיי בעגייסטערט פאַר דער אידישער דראַמע. עס איז אמת, אַז ביז די זעכציגער יאָהרען האָבען זיך אין רוסלאַנד ניט געדרוקט קיינע אידישע פּיעסען פון די אידישע דראַמאַטורגען אין רוסלאַנד, נאָר עטינגער און אקסענפעלד זיינען געווען מעורבים עם הבריות, דאָס הייסט, זיי האָבען ליעב געהאַט געזעלשאַפט, און צו זיי פלעגען אריינקומען די פּער פון די משכילים. עטינגער און אקסענפעלד פלעגען לייענען זייערע דראַמען ביי יעדער געלעגענהייט פאַר די

פריינד און די בעקאַנטע, וואָס פלעגען אריין צו
זיי פערברענגען אַן אבענד. אַזוי ווי זיי האָבען
ניט געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן זייערע דראַ־
מען געדרוקט, איז זיי געבליבען דאָס איינ־
ציגע אויטהאָרישע פערגעניגען צו לייענען
זייערע מאַנוסקריפּטען פאַר זייערע בני בית.

אין אַ פריהערדיגען ארטיקעל איז שוין
געווען דערמאַנט, ווי דער בעוואוסטער העברע־
אישער דיכטער אברהם בער גאָטלאָבער, צו יע־
נער צייט נאָך גאַר אַן אָנפאַנגער, איז אַזוי
שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון „סערקע־
לע", וואָס דר. עטינגער האָט פאַר איהם גע־
לייענט, אַז ער האָט אויך בעשלאָסען צו פּרו־
בען זיינע כחות אויפ'ן אידישען דראַמאַטישען
פעלד און האָט אָנגעשריעבען אין 1838 אַ קאָ־
מעדיע אין דריי אַקטען אונטער'ן נאָמען: „דאָס
רעקטוך אָדער צוויי חופות אין איין נאַכט".
אַלע אַזעלכע פּיעסען פון בעקאַנטע משכילים
זיינען ארומגעגאַנגען אין כתב יד פון האַנד צו
האַנד. מענשען וואָס האָבען זיך ניט געפּויקט
האָבען פון זיי געמאַכט קאָפּיעס און מיט די
יאָהרען זיינען פון די קאָפּיעס געמאַכט געוואָ־
רען אַנדערע קאָפּיעס און ביים איבערשרייבען
האָט מען אָפט פערגעסען אָנצוגעבען דעם נאָ־
מען פון דעם פערפאַסער. און ווען אין אָנ־
הויב פון די זעכציגער יאָהרען האָט זיך אָנ־
געהויבען צו ווייזען אַ פאָדערונג אויף געדרוק־
טע דראַמען, האָט אַ דרוקער געכאַפּט וועלכע
קאָפּיע ער האָט געקראָגען און „דאָס רעקטוך
אָדער צוויי חופות אין איין נאַכט" האָט זיך
אָבגעדרוקט אָהן גאָטלאָבערס נאָמען.

מיר איז בשום אופן ניט געלונגען צו קריגען
די דאָזיגע קאָמעדיע און קאָן דאַריבער וועגען
איהר גאַר ניט זאָגען. אויפ'ן אידישען דראַמאַ־
טישען פעלד איז דאָס געווען גאָטלאָבער'ס
איינציגער פערזוך, מעהר קיין אידישע דראַמען
האָט ער ניט געשריעבען. שפּעטער אין די
אַכציגער יאָהרען האָט ער געשאַפען אין העברע־
איש זיין אַלעגאָרישע דראַמע „תפארת לבני
בינה".

אָבער ניט אַלע אידישע דראַמעס וואָס זיי־
נען ארומגעגאַנגען אין כתב יד האָבען זוכה גע־
ווען צו ווערן געדרוקט. דאָך די בעוועגונג אויפ'ן
אידישען דראַמאַטישען פעלד איז געוואָרען אַלץ
שטאַרקער. פּיאָנערען האָבען זיך ניט בענוגענט
נאָר מיט'ן שרייבען און האָבען אויך געזוכט
צו געבען אידישע פאָרשטעלונגען.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז ביי אַלע
משכילים אין רוסלאַנד זיינען טהעאַטער פאָר־
שטעלונגען אין אידיש געווען כשר וישר. די
גע'יריש'עטע שנאה צו אידיש איז געבליעבען
ביי אַ געוויסען טהייל משכילים, איבערהויפּט
אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט קאַזיאָנע שטעלען,
און ווי ווייט עס איז געווען אין זייער קראַפט
האָבען זיי געשטערט די אויפפיהרונג פון אידי־
שע פּיעסען.

אין די דרייסיגסטע יאָהרען האָט מען זיך
שטאַרק משתדל געווען אין וואַרשא צו קריגען
אַן ערלויבנים אויף געבען אידישע פאָרשטע־
לונגען. עס ווערט ניט דערמאַנט, וואָס פאַר אַ
מין פּיעסען מען האָט געוואָלט אויפפיהרען, און
מיר ווייסען ניט צו דאָס האָט געזאָלט זיין אַ
פאָרטזעצונג פון די אַלטע פּורים שפּיעלס אָדער
דער ערשטער פערזוך צו שפּיעלען די מאָדערנע
אידישע פּיעסען, וואָס זיינען דעמאָלט אַרומגע־
גאַנגען פון האַנד אין האַנד. אַלץ וואָס מיר
ווייסען וועגען דעם איז, אַז אין 1837 איז די
שתדלנות געווען צו געבען אַ סצעניש שוישפּיעל
אין דער אידיש־דייטשער שפּראַך אויף פּורים,
און אין דריי יאָהר אַרום האָט זיך אַ געוויסער
דוד העלין משתדל געווען צו געבען פּופּצעהן
פאָרשטעלונגען אין אידיש. נאָר ביידע מאָל
איז דערפון גאַר ניט געוואָרען צוליעב אַ מסירה
פון דעם וואַרשעווער דאָזאָר בוזשניטשי. ווען
ניט די דאָזיגע מסירות וואָלט מען דערפון גאָר
ניט געוואוסט, נאָר זיי זיינען געבליבען אין
אַרכיוו און ווייזען מיט וואָס פאַר אַן עקשנות
ביידע צדדים האָבען געקעמפּפט. צוליעב זייער
היסטאָרישען ווערטה גיבען מיר דאָ איבער די
מסירה און דעם ענטפער.

די ערשטע מסירה.

דער דאָזאָר צום וואַרשעווער פּאָליצ־
מייסטער, 8טען מערץ, 1837.

„צום דאָזאָר איז צוגעגאַנגען אַ ידיעה, אַז
עטליכע אידען זיינען זיך משתדל, מען זאָל זיי
ערלויבען דעם קומעדיגען פּורים פאָרצושטעלען
אַ סצעניש שוישפּיעל אין דער אידיש־דייטשער
שפּראַך. דער אָנגעזעהענער רב און אַ סך אָנ־
דערע מיטגליעדער פון דער היזיגער קהלה האָ־
בען זיך געווענדעט מכח דעם צום דאָזאָר
בוזשניטשי, און דער לעצטער האָט די עהרע
צו בעטען דעם געשעצטען גענעראַל, ער זאָל
זיך רעכענען דערמיט, דאָס אַזאַ פאָרשטעלונג
ניט נור וואָס זי האָט ניט קיין שום מאָראַלישען
איינפלוס אויף די געמיטער פון די צושויער,
נאָר, פּערקעהרט, זי איז אַן אונאַנשטענדיגע
אָבשפּעטעניס, וואָס פיהרט צו דעמאָראַליזאַציע,
און דאָס איז לויט די רעליגיעזע דינים שטרענג
פערבאָטען — און זאָל בעוויליגען ניט צו
דערלאָזען אַזעלכע פאָרשטעלונגען זאָלען פאָר־
קומען, ווי אויך אַזוי גוט זיין, אויב עס וועט
נויטיג זיין פאָרצושטעלען וואו מען דאַרף, אַז
אויך אַן אַנדער מאַכט זאָל ניט אַרויסגעבען
דערויף קיין ערלויבנים.
מיטגליעד פון דאָזאָר,
א. פּאַפּראַצקי."

אין דער מסירה ווערט אָנגעגעבען, אַז עט־
ליכע אידען האָבען געזוכט צו קריגען די ער־
לויבנים צו געבען אַ אידישע פאָרשטעלונג און
צי זי האָט געווירקט ווערט ניט דערצעהלט.

אין 1839 האָט דער וואַרשעווער דאָזאָר אריינגעגעבן אַ צווייטע מסירה צום וויצע־פּרעזידענט, און זי פאַלט ווידער אוים אין חודש מערץ, דאָס הייסט פאַר פּורים.

נאָר די שתדלנות צו געבען אידישע פּאָרשטעלונגען הערט ניט אויף, ווייל אין אַ יאָהר אַרום הערט מען ווידער וועגען דעם, און דאָס מאָל פון דעם אָבערפּאָליצמייסטער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די רעגיערונג זעהט ניט קיין שום טרפות אין אידיש, און ווען דער דאָזאָר זאָל ניט אויסברעכען געגען אַזעלכע פּאָרשטעלונגען, איז פון איהר זייט קיין שום מניעה ניטאָ.

ענטפער פון אָבערפּאָליצמייסטער.

וואַרשעווער אָבערפּאָליצמייסטער צום דאָזאָר בוזשניטשי, 12טען אַפּריל, 1840.

„אַלס ענטפער אויף דער פּאָרלעגונג פון דאָזאָר בוזשניטשי פון 10טען (22) פון דיעזען מאָנאַט, לויט נומער 155, גיט צו וויסען: היות די מיינונג פון דעם דאָזיגען דאָזאָר, וואָס ער האָט אויפגעשריעבען אויף דער ביטע פון איד דוד העלין, וועלכע יענער האָט דערלאַנגט דעם 13טען (25טען) פעברואר פון דיעזען יאָהר וועגען אַן ערלויבניס צו געבען 15 דראַמאַטישע פּאָרשטעלונגען אין דער אידישער שפּראַך, איז געווען ניט גינסטיג, ווייל דער דאָזיגער דאָזאָר האָט אָנגעשריעבען, אַז די שפּיעל, וואָס ווערט געגעבען אין דער א ו מ ר י י נ ע ר שפּראַך, מאַכט ניט קיין מאָראַלישען איינדרוק אויפ'ן געמיט פון די צוהערער, נאָר, פּערקעהרט, ווערט אַן אונאַנשטענדיג געשפּאָט וואָס פיהרט צו דעמאָראַליזאַציע. דאַריבער האָט דער הויכגעבאָרענער ה' גענעראַל אַדיוטאַנט שיפּאָוו, וואָס דערפילט די פליכטען פון מיליטערישען גובערנאַטאָר פון דער שטאָדט וואַרשע, פּאָרשטעלענדיג דעם דאָזיגען אומשטאַנד זיין דורכלויכט, דעם פירסט פעלדמאַרשאַל, אין נאָמען פון זיין פירסטליכער מאַכט בעפוילען צו וויסען צו געבען דעם איד דוד העלין, דורך דער קאַנצעלאַריע פון דער וואַרשעווער פּאָליציי, אַז אויב אַזעלכע פּאָרשטעלונגען קאָנען, ווירקליך, אַרויסרופען עפּעס אַן אונצופריעדענהייט ביים דאָזאָר בוזשניטשי, אָדער זיינען געגען דער אידישער רעליגיע, איז בעסער אָבצוזאָגען העלינ'ס ביטע, ביז ער וועט ניט אויס'פּועל'ן אַן ערלויבניס ביי דעם דאָזיגען דאָזאָר."

די דאָזיגע צוויי דאָקומענטען זיינען ערשיענען אין דעם פּוילישען פיערטעל־יעהריגען זשורנאַל „קוואַרטאַלניק", וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון אידען אין וואַרשא. דער רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיגען זשורנאַל מאַכט דערצו אַזאַ פּירוש:

„פון דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענץ וואָלט מען געקאָנט דרינגען, אַז דאָ איז נעגאַנגען אויסשליסליך וועגען דער טראַדיציע און וועגען דער אידישער רעליגיע. פון אַנדערע קוועלען איז אָבער בעוואוסט, אַז אין וואַרשא, אין עטליכע פּריוואַטע הייזער, וואָס האָבען בעלאַנגט צו דער אידישער אינטעליגענץ, זיינען דעמאָלט פּאָרגעקומען פּאָרשטעלונגען אויף ריין לשון קודש און צווישען די צושויער זיינען אויך געווען מיטגליעדער פון דאָזאָר.

עס איז זיך אויך צו חדוש'ען, אַז מיט'ן פּראָטעסט איז אַרויסגעטראָטען דער מיטגליעד פון דאָזאָר, אברהם פּאַפּראַצקי, אַ לעהרער פון דער ראַבינער שול*). אַ מענש אַ ליכטיגער, אַ געבילדעטער. זיין שווער איז געווען אַנטאָן אייזענבוים, דער דירעקטאָר פון דער זעלביגער שול. דאָ האָבען געמוזט זיין אַנדערע טיעפערע מאָטיוועו אויסער ריין רעליגיעזע."

קיין טיעפע סודות שטעקען דע־יין געוויס ניט, און עס דאַרף ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אַז פּאַפּראַצקי האָט זיך ניט גערעכענט מיט'ן אַלטען איסר פון די חכמים אויפ'ן טהעאַטער, און אין זיין מסירה האָט ער עס אפילו ניט דערמאַנט. דער שם פון דער וואַרשעווער ראַבינער שול צו יענער צייט איז ניט געווען אַזאַ, אַז אַ לעהרער פון דאָרטען זאָל אַנגעבען אַזאַ מאָטיוו. ער האָט גאָר ניט געהאַט געגען פּאָרשטעלונגען אין העברעאיש און ער האָט געקעמפּפט געגען אידישע פּאָרשטעלונגען, ווייל ער פּערזענליך האָט געקאָנט האָבען אַ שנאה צו אידיש אַ־לאַ־דייטשער משכיל. אויב ער האָט אָנגעגעבען אין זיין מסירה אַ רעליגיעזען מאָטיוו, איז דאָס נאָר געווען דערפאַר כדי אַרויסצוקריגען דעם פערבאָט פון נאַטשאַלסטוואָ.

אָבער ניט קוקענדיג וואָס געוויסע משכילים מיט קאַזיאַנע שטעלען האָבען זיך מיט אַזאַ שנאה פערטראָגען צו אידישע פּאָרשטעלונגען, איז די גאַנצע זריעה פון אידישען טהעאַטער דוקא אויסגעוואַקסען און צייטיג געוואָרען אין דעם סאַמע אַנשטאַלט, וואו די דאָזיגע משכילים האָבען געהאַט די דעה. איך מיין דערמיט די ראַבינער שול.

דער צוועק פון דער ראַבינער שול איז געווען צו ערציהען אַ נייעם דור רבנים, וואָס זאָלען ניט נאָר קאָנען פּסק'ענען שאלות, נאָר אויך האָבען אַ וועלטליכע בילדונג. זיי האָבען ניט נאָר געדאַרפט זיין בעהאַווענט אין תלמוד, נאָר אויך האָבען אַ סיסטעמאַטישע אונטערריכטונג

---

*) די ראַבינער שול, וואָס ווערט דאָ דערמאָהנט, איז ניט די בעקאַנטע זשיטאָמירער און ווילנער. די דאָזיגע ראַבינער שול איז געגרינדעט געוואָרען מיט פיעלע יאָהרען פריהער, ווי די אַנדערע צוויי, אין וואַרשוי און האָט אַרויסגעגעבען אַ היבשע צאָהל משומדים. איינער פון די לעהרער אין דער דאָזיגער שול איז געווען א. בוכנער, דער פערפאַסער פון דעם ווערק „די ניכטיגקייט דעם טאַלמודס". א צווייטער לעהרער איז געווען יעקב צענטנערשווער, א בעוואוסטער פריידענקער אין רעליגיעזע פראַגען.

אין וועלטליכע חכמות. פון דער ראבינער שול האָבען זיי זיך געדארפט צוריקקעהרען אין אלע תפוצות ישראל אין אן איצטלא דרבנן מיט א סמיכה אין איין האנד און מיט א דיפלאָם פון א מיטעל־שול און מיט א פּאַקעל פון בילדונג איז דער צווייטער און זעהן פערשפּרייטען ליכט אין דעו׳ גהעטאָ.

עס פערשטעהט זיך, אז אלס אַזעלכע האָבען זיי קיין שייכות ניט געקאָנט האָבען מיט טהעאַטראַלע פאָרשטעלונגען. אפילו געבילדעטע רבנים האָבען ניט געקאָנט זיין די פּיאָנערען אויף אַ פעלד פון קונסט, וואָס איז שטאַרק פערבאָטען פון דער אידישער אמונה. נאָר אויב דער צוועק פון דער ראבינער שול איז געווען צו שאַפען א נייען דור רבנים, איז אָבער דער צוועק פון די מייסטע צוקינפטיגע רבנים ניט געווען צוריקצוקעהרען זיך אין דער גהעטא און סקראָבען דעם שימעל, וואָס איז אָנגעוואַקסען אויף די אלטע אידישע ספרים, נאָר צו אַנטלויפען פון דער גהעטאָ אַזוי ווייט ווי מעגליך און ניט אָנצוריהרען אַן אלטען אידישען ספר אפילו מיט אַ הענדשקע.

די ראבינער שול האָט געדיענט אַלס אַ זאַמעל פּלאַץ, וואו אַלץ וואָס האָט געטרוימט, געשווערמט, פאַנטאַזירט, געהאָפט, געזוכט, געפאָרשט איז זיך צוזאַמענגעקומען. פון אַלע ווינקעלאך פון דער גהעטא, וואו נאָר אַ פונק פון דער השכלה איז אַריינגעפאלען, איז מען געלאָפען אהין. פערשיידען זיינען געווען די טרוימען, די פּלענער פון די השכלה־זוכער, נאָר די גאַנצע אַטמאָספער פון דער ראבינער שול איז געווען מסוגל פאר דער ענטוויקלונג פון טהעאַטער קונסט. אַ גרויסער טהייל פון די צוקינפטיגע רבנים, וועלכע האָבען אפילו אין זינען ניט געהאַט צו סקראָבען דעם שימעל פון די אַלטע אידישע ספרים, זיינען געווען קאַמפּפסלוסטיג, און טהעאַטער פאָרשטעלונגען זיינען געווען דער בעסטער מיטעל פאר דעם השכלה־קאַמפּף. און נאָך אַ גרעסערען רייץ האָט דראמע געהאַט שוין דערפאר אַליין, וואָס די אַלטע אידישקייט האָט איהר ניט געדולדעט.

אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל האָב איך דערמאנט די בעשרייבונג פון דעם בעוואוסטען העברעאישען שרייבער און קריטיקער פּאַפּערנא, אַז די תלמידים פון ראבינער שול האָבען אין 1862 געגעבען אַ פאָרשטעלונג פון „סערקעלע“, און גאָלדפאַדען האָט דאָרטען געשפּיעלט די הויפּט ראָלע. פּאַפּערנא רופט עס דער ערשטער אידישער ספּעקטאַקעל און מאַכט אויפמערקזאם, אַז דאָס האָט גאָלדפאַדען געגעבען דעם ערשטען שטויס צום אידישען טהעאַטער.

עס איז ניט אין גאַנצען ריכטיג, אַז די פאָרשטעלונג פון סערקעלע אין זשיטאָמיר אין 1862 איז געווען דער ערשטער אידישער ספּעקטאַקעל. פּאַפּערנא איז אין ראבינער שול אָנגעקומען אין 1862 און אין יענעם יאָהר האָבען די תלמידים פון ראבינער שול אויפגעפיהרט „סערקעלע“. ווי עס ווייזט אויס, איז איהם ניט בעקאנט, וואָס עס האָט זיך פריהער געטהאָן אין דער ראבינער שול. די שייכות פון דער דאָזיגער שול מיט׳ן גרינדונג פון א אידישען טהעאַטער האָט זיך אָנגעהויבען אַ סך פריהער.

אין די פופציגער יאָהרען האָבען צוויי תלמידים פון דער ראַבינער שול צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע חברים. אין די למודים פון שול האָבען זיי זיך ביידע װעניג אויסגעצייכענט, נור ביידע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט איין צוועק — ליטעראַרישער טהעטיגקייט, וואָס איז גאָר ניט געגאַנגען צו זייער בערוף אַלס לעהרער און רבנים.

איינער פון די צוויי, א—, איז געווען א הויכער מיט א פערוואַקסענעם שטערען, אויסגעבויגענעם נאָז, וואָס איז געווען געדיכט בעוואַקסען מיט האָהר, וועלכע האָבען געמאַכט זעהר אַן אונאַנגענעהמען איינדרוק. זיינע הענד זיינען געווען ברייטע און די קלענערע תלמידים האָבען אָפט פון זיי געליטען. זיינע אויגען נעבעלדיגע, בלאָנדזשענדע, ווי זיי וואָלטען אייביג עפּעס געזוכט. די תלמידים פון שול האָבען װעגען איהם געזאָגט, אַז ער געהט אַרום אין עולם התהו. ער איז שטענדיג געווען פערטראַכט און ווען עמיצער האָט מיט איהם געוואָלט ריידען, האָט ער איהם אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענד און גענומען טרייסלען. ערשט דאַן איז ער געקומען צו זיך און האָט אויסגעשריען: „הא! הא!“ נאָך דעם אויסגעשריי האָט מען שוין מיט איהם געקאָנט אָנהויבען צו רעדען.

און אויב אויפ׳ן וואָהר איז שווער געווען צו ברענגען איהם צו זיך, איז נאָך שווערער געווען אויפצואוועקען איהם פון שלאָף. איינמאָל האָבען די חברים געמאַכט מיט איהם אַזאַ מין ספּעקטאַקעל. ווען ער איז איינגעשלאָפען, האָבען די חברים אָנגעקלעפּט א וועקסענע ליכט אַרום זיין בעט און איהם אַליין איינגעדעקט מיט א ווייסען ליילאך, און איינער פון די חברים האָט אָנגעטהאָן א קיטעל, גענומען אין האַנד א ליכט, די איבריגע האָבען אויך גענומען ליכט אין די הענד און עס האָט זיך אָנגעהויבען די לויה. דער ערשטער האָט געזונגען אל מלא רחמים און דער כאָהר האָט איהם געהאָלפען. דאָס בעטעל האָט מען אַרויסגעטראָגען פון דעם שלאָף־צימער אין גרויסען זאַל. די פּראָצעסיאָן און דער גאַנצער גערויש האָבען אויפ׳ן שלאָפענדען קיין ווירקונג ניט געמאַכט און ער האָט געכראָפּעט די גאַנצע צייט. דאַן האָט איינער געכאַפּט א גלאָז קאַלטע וואַסער און האָט אויף איהם אויסגעגאָסען. פון די קאַלטע וואַסער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און מיט מוטנע אויגען גענומען קוקען אַרום זיך.

ער האָט דערזעהן, אַז דאָס איז אַ לויה און האָט גענומען שרייען: „האַ! האַ!“ אָנפאַנגס איז ער געווען צומישט, נור ווען ער האָט דערזעהן, ווי מען לעשט אויס די ליכט און דערהערט אַ געלעכטער, האָט ער פערשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און האָט זיך גענומען שטאַרק זידלען.

ער האָט געהאַט אַ חבר ב. און יענער איז געווען אַ נידריגער, מיט אַ שפּיציגען קאָפּ. דער חבר האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַן אונבעוועגליכקייט. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע און דיקע נאַז, וואָס האָט ערטערווייז געבליהט. זיינע קליינע אויגען זיינען געווען אַזוי אונבעוועגליך, ווי ער אליין. איהם האָט ניט אָנגעהויבען צו הארען, ווי די אַנדערע תלמידים קוקען אויף איהם. אין קענטנים איז ער געשטאַנען אויף איין שטופּע, ווי זיין חבר, נאָר ער איז ניט געווען אַזוי אָריגינעל, ווי יענער. ער האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם. די איינציגע זאַך וואָס איהם האָט אינטערעסירט און וואָס ער האָט הויך געשעצט איז געווען דראַמע, און דאָס האָט איהם ענג פערבונדען מיט א. ער האָט אין שול געהאַט אַ ברודער, נאָר מיט איהם האָט ער ווייניגער פערקעהרט, ווי מיט א. די אכילה האָט ביי איהם פערנומען זעהר אַ גרויסען פּלאַץ און צוליעב דעם איז ער געווען פריינדליך מיט'ן בופעטשיק, מיט'ן עקאָנאָמס טאָכטער, מיט דער אידענע וואָס האָט צוגעשטעלט מילך אין שול און מיט די קליינע תלמידים, וואָס פלעגען קריגען פון דער היים צוגעשיקט גוטע זאַכען. אין שול האָט ער זיך ניט געקאָנט אויסצייכענען און ער האָט דאריבער געזוכט אַן אַנדער פעלד פאַר רוהם.

ביידענס ספּעציאַליטעט איז געווען די ביהנע. מען האָט זיי דאַריבער גערופען דראַמאַטורגען. ווען אַלע תלמידים פלעגען שוין לאַנג שלאָפען, האָבען זיי נאָך געאַרבייט. צייטענווייז פלעגט מען הערען, ווי זיי האָבען געזונגען מעלאָדיען פון פערשיידענע אָפּערעס, דאָס רוב פון „נאָרמאַ“. איינער פלעגט פאַר'ן צווייטען לייענען עפּעס פון אַ מאַנוסקריפּט, נאָר דאָס איז אַלץ געטהאָן געוואָרען בסוד סודות. די אַנדערע תלמידים האָבען זיך בשום אופן ניט געקאָנט אָנשטויסען וואָס זיי לייענען און וואָס זיי טהוען. מען האָט זיך נאָר אָנגעשטויסען, אַז זיי קלייבען זיך צו טהאָן עפּעס אַן אונגעוואוינליכע זאַך, עפּעס אַן אונגעהערטע אונטערנעהמונג. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס וועט ניט זיין קיין חקירה אין תלמוד און אויך ניט קיין פאָרשונג אין דער אידישער געשיכטע, נאָר עפּעס אַ וועלטליכע זאַך. די נייגיערדע ביי די אַנדערע תלמידים איז געוואַקסען און אַז מען האָט ניט געקאָנט אויסגעפינען אויף אַ גליכען וועג האָט מען זיך גענומען אויף אַ קרומען. מען האָט זיך פערקליבען צו זייער שאַפע, האָט מען דאָרטען אויפ'ן ערשטען פּלאַץ געפונען ווירגיליס ענעאידאַ, איבערזעצט אין מאַלאָראָטיש, שילערס דראַמאַטישע ווערק און געטהעס און דאָס גלייכען, ווי אויך מאַנוסקריפּטען אין א י ד י ש און מאַלאָראָסיש, פערשיידענע ליעדער און דאָס גלייכען. עס איז געוואָרען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז מען גרייט זיך אויפפיהרען עפּעס פאַר דער ביהנע.

לאַנג האָבען דאָך די צוויי ניט בעהאַלטען זייער סוד. איינמאָל אין קאַניקעל צייט האָבען זיך ביידע אַוועקגעלאָזט קיין בערדיטשעוו, וואו עס זיינען געווען אַ טך תלמידים פון ראַבינער שול, גרויסע און קליינע. דאָרטען האָבען זיי אין דער גיך צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע פון חברים. עס פערשטעהט זיך, אַז קיין פרויען האָבען זיך דערין ניט בעטהייליגט. די שעהנערע תלמידים האָבען זיך אונטערגענומען צו שפּיעלען פרויען ראָלען. כדי עס זאָל ניט זיין קיין מניעה צו קריגען אַן ערלויבנים אויף די פאָרשטעלונגען, האָט מען בעשלאָסען צו געבען אַ גאַנצע רייהע ספּעקטאַקלען און די הכנסה זאָל געהן אויף די פערוואונדעטע סאָלדאַטען אין סעוואַסטאָפּאָל. די סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה האָט זיך ערשט דעמאָלט צופּלאַקערט. אין בערדיטשעוו זיינען דעמאָלט געווען אַ סך חיל, און די גענעראַלען האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אידעע, זיי האָבען גענומען דעם שטאָדטישען טהעאַטער און איבערגעגעבען איהם די צוקינפטיגע רבנים. אין יענער צייט האָט מען אין דעם זיד וועסטערנעם קראַי, וואו נאָר עס איז געווען אַ טהעאַטער, געשפּיעלט אויסשליסליך פּוילישע פּיעסען, וועלכע די רוסישע האָבען ניט בעזוכט. די אונטערנעהמונג פון די צוקינפטיגע רבנים האָט דאריבער געמאַכט אַ גרויסען רושם, ווען מודעות זיינען ארויסגעלאָזט געוואָרען, אַז מען וועט שטעלען רוסישע, מאַלאָראָסישע און אידישע פּיעסען. די ערשטע פּיעסע איז געווען אַ אידישע, אויפגעפיהרט אין אידיש. די טעמאַ איז געווען פון אידישען קהל, נאָר וואָס די האַנדלונג איז געווען ווערט ניט אָנגעגעבען. די פּיעסע ווערט נאָר פערצייכענט אַלס אַ מעלאָדראַמע מיט ליעדער. אַלס פערפאַסער זיינען אָנגעגעבען געוואָרען די נעמען פון ביידע דראַמאַטורגען, א. און ב. די ראָלע פון ראש הקהל האָט געשפּיעלט ב. און ער האָט דערביי ארויסגעוויזען טאַלאַנט פאַר דער ביהנע. דער ראַבינער וואָס האָט געשפּיעלט די פרויען ראָלע האָט פשוט אויסגעלעגט דאָס טהעאַטער. דאָס פּובליקום איז בעשטאַנען פון אָפיציערען, סאָלדאַטען און אידען.

די אָפיציערען האָבען שטאַרק געלויבט די בראַווע צוקינפטיגע ראַבינער פאַר דעם מוטה ארויסצושטעלען אָפען די מעשים תעתועים פון קהל. נאָר די אידען האָבען דערפון ווייניג נחת געהאַט.

אין יענער צייט האָט נאָך דער בעוואוסטער בערדיטשעווער האלפערין געהאט א גרויסע מאכט. ער האָט אָנגעווענדעט אלע זיינע קרעפ־טען ניט צו דערלאָזען די דאָזיגע פאָרשטעלונ־גען. ער איז ארויס פון דעם רעליגיעזען שטאנדפונקט, אז די צוקינפטיגע רבנים, וואָס וועלען דארפען דאָס פאָלק לערנען אידישע דינים, טרעטען איבער בפרהסיא א בפירוש'ען איסר פון דער תורה, וואו עס ווערט פערבאָטען א מאנסביל צו טראָגען ווייבערשע קליידער.

די שטאָדט איז געגאנגען כאדראם. או־מעדום האָט מען נאָר גערעדט וועגען די דאָזיגע פאָרשטעלונגען.

ניט קוקענדיג, וואָס האלפערין האָט פראָ־טעסטירט, האָבען די אָפּיצערען געפאָדערט, מען זאָל ווידער אויפפיהרען די זעלביגע אידי־שע פיעסע, וועלכע איז זיי שטארק געפעלען געוואָרען.

דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די אי־דען. זיי האָבען דערין געזעהן א חוזק־מאכעריי פון אידען. און ווער טרייבט דעם שפאס? זייערע אייגענע ברידער!

דער קאמפף איז אָנגעפיהרט געוואָרען ביים גאראדניטשי, וועלכער האָט דאָס געדארפט געבען די ערלויבנים. ביידע צדדים האָבען גע־קעמפפט מיט אלע כוחות, די אידישע פאָרשטע־הער, — אז מען זאָל קיין אידישע פאָרשטע־לונגען ניט געבען, און רוסישע אָפּיצערען — אז מען זאָל שטעלען אידישע פיעסען. און דער סוף איז געווען, אז געזיעגט האָבען די אָפּיצע־רען: דער פאטריאָטישער מאָטיוו פון די פאָרשטעלונגען האָט פערשלאָגען אלץ.

די פיעסען זיינען ניט געווען צענזורירט, ווייל זיי זיינען גאָר ניט לאנג צוריק פערפאסט געוואָרען, נאָר די אידען האָבען וועגען דעם ניט געוואוסט.

די אידישע פיעסע איז געשטעלט געוואָ־רען עטליכע מאָל און יעדעס מאָל איז זי אויפ־גענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג. נאָכדעם האָט מען געשטעלט א מאלאראָסישע פיעסע און נאָכדעם א רוסישע. אין די לעצטע האָט געמאכט א פוראָר א יונגער ראווינניסט, וואָס האָט געשפיעלט די ראָלע פון א יונגע מיי־דעל. דער פוראר איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט איהם געשלעפּט פון איין לאזשע אין דער צווייטער און מען האָט פון איהם נחת געקליעבען.

ווען די קאניקולען האָבען זיך געענדיגט איז געוואָרען אויס טרופּע, אויס טהעאטער און אלע האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין שול. שפּעטער איז אָנגעקומען אן אלערהעכסטער דאנק פאר די נדבה, וואָס די פאָרשטעלונגען האָבען איינגעבראכט פאר די פערוואונדעטע. בעדאנקט זיינען געוואָרען אלע, וואָס האָבען אנטהייל גענומען אין די דאָזיגע פאָרשטע־לונגען.

ווי לאנג א. און ב. זיינען נאָך געבליע־בען אין זשיטאָמירער ראבינער שול איז ניט בעוואוסט און עס איז אויך ניט נויטיג צו וויסען, נאָר זייערע אידישע פאָרשטעלונגען אין בערדיטשעוו מיט'ן אנטהייל פון פיעלע ראווינניסטען, פאָרשטעלונגען וואָס האָבען פון איין זייט ארויסגערופען אזא ביטערען קאמפף פון די פרומע אידען און פון דער צווייטער זייט פערדיענט אן אלערהעכסטען דאנק, האָבען לאנג־לאנג געדארפט לעבען אין די מוחות פון די תלמידים און שטענדיג האלטען פאר זייערע אויגען די מעגליכקייט פון א אידישען טהע־אטער.

אויף אזא אופן זיינען די תלמידים פון דער ראבינער שול געוואָרען פאר דער מאָדער־נער אידישער דראמע דאָס, וואָס מיט אָנ־דערהאלבען הונדערט יאָהר פריהער זיינען די תלמידים פון די ישיבות געווען פאר די פורים־שפּיעל.

עס איז געווען ניט קיין בלינדער צופאל, וואָס דער פעסטער גרונדשטיין פון דעם אידי־שען טהעאטער איז שפּעטער געלעגט געוואָרען דורך א תלמיד פון דער ראבינער שול.

לייזויק האלפער

אין געפענגעניש

ווינדען קלאַפּען אין די שויבען
מיט געוויין א ביטערען,
תפיסה־טויבען, ווייסע טויבען
פליהען אום און ציטערען.

האָב איך אָבער ליעב די טויבען,
דעם געוויין דעם ביטערען;
האָב איך אָבער ליעב די טויבען,
ווי זיי פליהען — ציטערען.

וועכטער, אָנגעטהאָן אין שווארצען,
געהען אום מארשירענדיג;
קענען טרעפען מיך אין הארצען,
גאָר קיין וואָרט פערלירענדיג.

גנב'ע איך זיך צו די שויבען,
אָן דער וואַנד זיך האלטענדיג;
ציטער ווי די ווייסע טויבען,
מיין געוויין איינהאלטענדיג...

ל. לאזאוויק

קאַפּיטלעך פון דער קונסט־געשיכטע

די סעריע בעצוועקט צו געבען אַ קורץ־געפאסטע געשיכטע פון קונסט. זי וועט זיך בעציעהען הויפּטזעכליך אויף מאהלעריי און סקולפּטור און וועט זיין פערטהיילט אין פאָלגענדע קאפּיטלען :

פרימיטיווע קונסט ;

עגיפּטישע ;

גריכישע ;

רענעססאַנס ;

17—18 יאָהרהונדערטע ;

19טער יאָהרהונדערט.

לעצטע פאַזע : פאסט־אימפּרעססיאניזם, קוביזם, פוטוריזם, פארבען־מוזיק.



ביזאָן געמאָלען אויפ׳ן סופיט פון א הויהל — 5 פוס לאנג.

1.

פרימיטיווע (פּאַלעאָליטישע) מאהלעריי.

אין גרויען אלטערטהום, אָפּגעטהיילט פון אונז דורך צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען, ווען דאָס אויסזעהען פון דער ערד איז געווען גאַנץ אנדערש ווי יעצט, ווען אין פיעלע פּלעצער וואו איצט איז וואסער איז יבשה געווען, ווען גרויסע מאַסען משונה׳דיגע חיות האָבען זיך אומגעטראגען ווייט און ברייט — שוין דאן האָט געלעבט דער פרימיטיווער, נאַקעטער, לאנגהאָריגער הוילען־מענש ; פלינק און קרעפטיג האָט ער געוואנדערט מיט זיינע איינפאכע שטיין־געצייג איבער וואלד און פעלד — און שוין דאַן האָט ער גענומען שאַפען אזוינס, וואָס האָט שפעטער בעקומען דעם נאָמען : קונסט.

און די קונסט איז ניט געווען אַ שפּיעל, אַ צייט־פערטרייב, נאָר אַ נויטווענדיגקייט, אַ וואפע אין דעם קאַמפּף פון פרימיטיווען מענשען פאר זיין עקזיסטענץ. זי איז געווען אַן אינפאָרמאַציאָנס־קוואל, א בעלעהרונג פאר דעם יונגען דור, אן איבונג פאר דער עלטערען, און זי איז געווען נאָך מעהר — זי האָט אויסגעדריקט די שטעלונג פון פרימיטיווען מענשען צו דעם טהייל פון דער ארומיגער וועלט, וועלכער האָט איהם אינטערעסירט אם מעהרסטען.

לאַנגע טויזענדער יאָהרען זיינען זייערע בילדער געווען פארשאָטען אין הוילען צוזאמען מיט זייער געצייג און ביינער פון פערשיעדענע

חיות. ווען אַ שפּאניער, מארסעלינע סאוטואלא, האָט מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען צוריק גרינדליך אויסגעפאָרשט און בעשריעבען איינע פון אזעלכע הוילען, אין וועלכער מען האָט געפונען פיעלע בילדער, האָט די וויסענשאַפטליכע וועלט עס בעגעגענט זעהר סקעפּטיש. מען האָט גערעכענט, אז די בילדער זיינען די אַרבייט פון

א ווילדער חזיר — 6 פוס לאנג.

אַ מאָדערנעם מאהלער, וועלכער האָט זיי געמאהלען מיט דער אבזיכט אָפּצונאַרען די וויסענשאַפטס־מענער. ערשט נאָך וויטערע פופצעהן יאָהר פון גראבונגען און פאָרשונגען, ווען עהנליכע הוילען זיינען ענטדעקט געוואָרען אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, בעלגיען, ענגלאנד, שווייץ, האָט די וויסענשאַפטליכע וועלט אנערקענט דיא אונשטרייטבארע בעווייזע און סאוטואלא איז געוואָרען אן עהרען נאָמען אין דער ארכעאָלאָגי.

דורך אַ גרינדליכען שטודיאום פון די געפונענע בילדער, געצייג, ביינער פון פּאָרהיסטאָרישע חיות, דורך א שטודיום פון די פערשיעדענע שיכטען פון דער ערד און דורך א גלייכצייטיגען שטודיום פון לעבען פון די איצטיגע ווילדע שבטים האָט זיך איינגעגעבען צו שאַפען א בילד פון דעם לעבען אין דאמאלסדיגען פּאַלעאָליטישען פעריאָד.

די דאמאלסדיגע אייראָפּא איז געווען גע־

א הירש גראווירט אויף ביין.

אָגראַפיש גאַנץ פאַרשיעדען פון דער היינטיגער. די איצטיגע בריטישע אינזלען זיינען ניט געוועזן אָפּגעטהיילט פון פראנקרייך דורך א קאַנאַל, ווי איצט, נאָר זיי זיינען געווען איינס מיט'ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט און האָבען זיך געצויגען ווייט אין דעם אטלאַנטישען אָקעאַן. דער אדריאַטישער ים האָט נאָך ניט עקזיסטירט. שפּאַניען איז געווען פאַראייניגט מיט אַפריקא ביים גיבראַלטאַר, וואו עס צו־טהיילט זיי יעצט דער מיטעללענדישער ים.

אויף ברייטע בעוואַקסענע טהאלען האָבען אומגעוואַנדערט וואַלליגע, גיגאַנטישע מאַממאַטהען מיט זייערע גרויסע אויסגעבויגענע, וויי־סע „צייהן" און קליינע קאַרעלען־אויגעלאך, קורצפיסיגע, גרויסקעפּיגע היפּפּאפּאטאַמען, קרעפטיגע רהינאָסערען מיט זייערע נאָזהערנער, האָריגע הויל־בערען, גראַציעזע סערנען, פלינקע לייבען, שאַרף־צייהניגע היענאַס. עס האָבען געוואַנדערט איבער די גרויסע אונקולטיווירטע פעלדער פערד, בהמות און ציגען — דאַן נאָך אין ווילדען צושטאַנד.

און ווי די טהיערע אַזוי האָבען אויך די

הירשען געהען איבער א טייך.

מענשען געוואַנדערט איבער וואַלד, פעלד, באַרג און טהאָל. ערד־אַרבייט איז זיי נאָך ניט געווען בעקאַנט, וועגען מעטאַלען האָבען זיי נאָך קיין בעגריף ניט געהאַט. מיט זייער ביסעל געוועהר און געצייג ווי שטיין־העק, ביין־מעסערס, פיילען, ביין־שפּיזען האָבען זיי געהאַקט בוימער, געריסען וואָרצלען, געוועהרט זיך געגען חיות, געכאַפּט פיש, געמאַכט פייער א. ז. וו.



פערד.

מיט דער גרעסטער געדולד פלעגען זיי נאָכ־
פאָלגען די שפורען פון א וועלכער עס איז חיה,
מיט גרויס בריהשאפט איהר בעפאלען, טויטען
און צופליקען אויף שפייז.

דער פרימיטיוועער מענש האָט געמוזט זיין
גרייט צו יעדער אונערווארטעטער געשעהעניס
—צו יעדער יאגד־געלעגעהייט און צו יעדער גע־
בעאָבאכטונגס קראַפט. אום צו קענען בעפאלען
אָדער אום זיך צו קענען וועהרען האָט דער מענש
געמוזט וויסען די אייגענשאפטען פון די חיות ;
אום צו קענען פערפאָלגען אָדער אנטלויפען פון
א חיה האָט ער געמוזט גענוי זיין בעקאַנט מיט
איהר יעדען ריהר און קעהר; און יענע
מענשען האָבען ווירקליך פערמאָגט א שארף אויג,



ביזאן.

פאהר. אַט שווימען פערביי פיש, עס פליהט
פערביי א פויגעל, עס לויפט פערביי א הירש,
עס דערנעהנטערט זיך א לייב — און ער מוז זיין
ווי געהעריג אויסגעריכט אויף יעדען פאַל.

פיהרענדיג אזוי אן אונזיכערע עקזיסטענץ
אין שטענדיגען קאַמפּף מיט פערשיעדענע חיות,
האָט דער מענש אויסגעארבייט א פלינקייט אין
זיינע בעוועגונגען און ענטוויקעלט א גרויסע
א פלינקע האנט און א משונה'דיגע בעוועגליכ־
קייט.

זייער קונסט האָט ניט נאָר אָפּגעשפּיעגעלט
דיזע אייגענשאפטען, נור זי האָט אויך גע־
ווירקט דיזע אייגענשאפטען נאָך ווייטער צו
ענטוויקלען.

אַט זעהט איהר אויף זייערע בילדער דעם
שווערען מאממאטה, אַט שלעפּט זיך דער פער־

הירש אָנגעבויגען צום גראָז

א קאָפּיע פון א גראווירטען בילד.

עקשנ׳טער ביזאָן, אָט לויפט דער צוקאָכטער ווילדער חזיר, אָט בעוועגט זיך גראַציעז דער הירש.

די בילדער זייִנען שטרענג רעאַליסטיש, אָהן איבעריגע דעטאַלען, די הויפּט שטריכען אָנגעוואָרפען מיט אַ זיכערער האַנט, די בעוועגונג אויסגעצייכענט אָנגעמערקט. זעהט צום בייִשפּיעל דאָס בילד: די הירשען געהען דורך אַ טייך. די שטעלונג פון די פּיס איז אויפגעכאַפּט אַזוי גענוי ווי עס האָט זיך קיין קינסטלער ניט אייִנגעגעבען ביז דער גאָר לעצטער צייט; דער אומגעקעהרטער קאָפּ פון איין הירש איז אין אַזאַ פּאָזע, וואָס איז שווער איבערצוגעבען אַפילו פאַר דעם מאָדערנעם מאהלער; אויף די פּיס זייִנען דרייסט געצייכענט. דאָס גאַנצע בילד, צומישט זייִנע פּארבען און בעדעקט מיט זיי דעם אבריס. אַ פּאָר שמירען מיט שוואַרץ אויף די הערנער אָדער קאַפּעטעס האָבען פּערענדיגט דאָס בילד.

די פּרימיטיווע מאהלער האָבען געמוזט דורכמאַכען אַ שולע פון דורות—זיי האָבען געהאַט אַ גרויסע ערפאַהרונג. אַ חוץ זייער ברייטער טעכניק האָבען זיי אויך פּרובירט פערענטפערען אייניגע פון די שווערסטע פּראָבלעמען אין דער מאַהלעריי.

דאָס בילד פון פּערד איז אַ פּראָבע צו מאָדעלירען, — איבערצוגעבען דורך שאַטען און ליכט די רונדקייט און דיקקייט. כאָטש ניט פּאָלקאָמען, איז עס מעהר אָדער ווייניגער געלונגען.

אויפ׳ן בילד פון ווילדען חזיר איז די בעוועגונג זעהר כאַראַקטעריסטיש. די שטריכען, ווי כמעט שטענדיג, זיכער, די פּראָפּאָרציע ניט שלעכט.

א וואָלף.

וואָס איז גראַווירט אויף מאַממאַטה־ביין, איז אַזוי מערקווירדיג, דאָס עס גלויבט זיך קוים אַז עס איז געשאַפען געוואָרען מיט צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען צוריק. ניט ווייניגער שעהן איז אויך דאָס גראַווירטע בילד פון דעם הירש, וואָס האָט זיך אָנגעבויגען צום גראָז. די בעוועגונג איז פּינקטליך און קלאָהר; די שטריכען זייִנען גראַציעז און זיכער.

אַ גרויסע צאָהל פון זייערע בילדער זייִנען און פּארבען געמאָהלען אויף די ווענט און סופיטען פון די הוילען. אויף זייערע פיעלע וואַנדערונגען האָבען זיי ענטדעקט די אַלע פּארבען — געל, רויט, ברוין און שוואַרץ — און האָבען זיך אויסגעלערנט זיי צו פּערפּערטיגען פון פערשיעדענע ליימען און געוויקסען. מיט אַ געניטער האַנט האָט דער פּרימיטיווער מאהלער אָנגעוואָרפען די ליניערטע פּאָרם — דעם אבריס פון אַ וועלכע עס איז חיה. אויף אַ שטיין האָט ער

דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען דעם אויסגעצייכענטען בילד פון וואָלף, אַ טהייל פון וועלכען איז אָפּגעמעקט געוואָרען.

עהנליכע בילדער האָט דער פּרימיטיווער קינסטלער געמאהלען אין אַ גרויסער צאַהל, דורך שטענדיגער איבונג איז זיין שאַרפעס אויג געוואָרען נאָך שאַרפער, זיין פלינקע האַנט נאָך פלינקער. זיין וואונש איז תמיד געוועזן: אַן ערפּאָלגרייכער קאַמפּף מיט די חיות. דיעזען וואונש האָט ער געגעבען אַן אויסערליכען אויסדרוק דורך זייִנע בילדער; און זייִנע מיטמענשען זייִנען מיטגעריסען געוואָרען פון דעמזעלבען וואונש. די קונסט האָט פעראייניגט דעם מאַהלער מיט זיין שטאַם, דעם יונגען דור מיט׳ן אַלטען. דער שטאַם, אין זיין שטעלונג

צו דער ארומיגער וועלט, איז פערשטארקט געוואָרען.

טויזענדער יאָהרען זיינען פארביי. דער קלימאַט האָט זיך געביטען, גרויסע היצען האָבען צולאָזט די שנעען אויף די בערג. אַפטע רעגענס זיינען געפאלען, פעלדער זיינען פארפלייצט געוואָרען. די חיות האָבען טהיילווייז עמיגרירט און טהיילווייז האָט מען זיי אויסגעראָט; די פרימיטיווע מענשען זיינען מעהרשטענס אויסגעשטאָרבען.

און נאָך טויזענדער יאָהרען זיינען פארביי און א נייער מענש האָט זיך ענטוויקעלט אין אייראָפּא. ער האָט זיך שוין פערנומען מיט אגריקולטור, האָט געמאַכט ליימענע כלים, האָט געהאָדעוועט היימישע חיות. ער האָט געשאַפען שטיינערנע מאָנומענטען — אן אָנהויב פון ארכיטעקטור — און האָט בעציערט זיינע געצייג. אָבער וויכטיגע קונסטווערק, אין גרויסען מאַסשטאַב, זיינען ניט געשאַפען געוואָרען ביז מיט א דריי פיער טויזענד יאָהר פאר אונזער צייטרעכנונג, ווען די קונסט האָט זיך צובליהט מיט וואונדערבארער קראַפט אין עגיפּטען.

וועגען דיעזער עפּאָכע אין נעקסטען ארטיקעל.

י. אָפּאַטאָשו

ציגיינער

.1

פייערדיגע פלאַמען זיינען געוואַקסען פון דער ערד ארויס, געוואַקסען און זיך פערצווייגען אלץ העכער און העכער ביז די וויים־צוגליהטע שפּיצען האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן הימעל און איבערגעלאָזט הינטער זיך קופּער, גאָלד און בראָנז.

אַרום די פייער־פלאַמען האָבען זיך געטאָפּעט קליינע, פּורפּור־רויטע פייערלאַך.

דאָס האָט זיגמונד בליאַש געברענט זיינע „קאַרפּעס"*) און געמאכט פון געוועזענעם וואַלד לאָנקעס.

צווישען די פייערען אַרום א ליימענער פּאָדלאָגע זיינען געוועזען צואוואָרפען קופּקעס ציגיינער.

א יונגער ציגיינער אין א פּאָר ברייטע, בלויע הויזען, אין א פּאָר לאַקירטע שטיוועל מיט געפאלדעוועטע ווי א האַרמאָניע כאָליאַוועס, איז געזעסען מיט א ציגאַנקע. מיט דער לינקער האַנד האָט ער זי ארומגענומען און דיא פינגער פון דער רעכטער האָט ער פערלייגט אין א פּייג, צוגעשטעלט דעם גראָבען צו די ליפּען און הילכיג ווי דורך א פייפעל האָט ער אויסגעפייפט א פּאָלקע.

עטליכע פּאָרלעך האָבען זיך לייכט געטראָגען איבער דער ליימענער פּאָדלאָגע.

ווי אן אויסגערוהטער לייב איז געלעגען אויבען אָן דער „סטאַראָסטאַ" מאָראַלע, א ציגיינער פון א יאָהר עטליכע און פופציג, מיט א פּאָאר לאַנגע גרויע וואָנסען. ער איז געלעגען אין א פּאָאר בלויע הויזען בענייהט מיט שטאַש־בלומען, אין א צופּענט באַטיסטען העמד, פון אונטער וועלכען א קופּער־האָריג לייב האָט זיך ארויסגעזעהן, געקוקט מיט אן אָפען פּנים צום וואַלד־צו און לאַנגזאַם געצויגען זיין פאָרצעלאַיענע פּיפּקע.

נעבען איהם אויף אויסגענעהטע קישענס איז געזעסען זיין ווייב, אן אַכצעהן יעהריגע ציגאַנקע, איינגעהילט אין א קאָלירטע זיידענע פּלאַכטע. די שעהנע ציגאַנקע האָט אַוועקגעלעגט איהר קאָפּ אויפ'ן אַקסעל ווי אן אומעטיג קינד, צופּענט איהרע גרויסע אויגען מיט די בלויע רייפען ארום, איינגעצויגען די לענגליכע ברעמען און אונרוהיג גענומען קלימפּערן מיט איהרע צעפּ, אין וועלכע זילבערנע רובעלס זיינען געוועזען איינגעפלאָכטען. זי האָט אויסגעשטרעקט איהר לאַנגען, ברוינעם האַלז, זיך פערקוקט אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקענט כאַפּען און אַזוי געבליבען זיצען אין דער נאַכט אַריין א שטאָלצע, אן אונרוהיגע.

אַרום איז געווען שטיל. די ציגיינער זיינען געלעגען אויף די בייכער, זיך איינגעקוקט אין די פייערן, געפּיפּקעט זייערע לולקעס און געשפּיגען.

א פולע לבנה האָט אָבגעגאָסען די בוימער פון צווייטען זייט שאָססע מיט א מאַטען שיין

---

*) דער שטאַם פון אן אָבגעהאַקטען בוים.

און די בלעטער, ווי בלייכע ים־שיסלאָך, האָבען געשפרונגען פון א ציגיינער אויף א ציגאַנקע ווי די פייערן, האָבען זיך געהאַלטען אין איין ציהען, זיך דערנעהענטערט און איינגעהילט אַלץ אין רויטען — איז די לבנה מיט א מאָל רויט געוואָרען און די ים־שיסעלאָך האָבען זיך אויך אויף א רגע בעהאַלטען.

די שעהנע ציגאַנקע האָט א ציטער געטהאָן.

— וואָס איז קינד? אָפּעלא, פויגעל מיינער, וואָס איז? — האָט מאָראַלע זי ליעבליך געפרעגט.

אָפּעלא האָט איהם א רגע אָנגעקוקט און זיך א שטעל געטהאָן אויף די קניהען. די קאָלירטע פּלאַכטע איז געבליבען הענגען אויף איין אַקסעל און אָפּעלא איז געבליבען שטעהן אין א לויז ווייס קלייד, ווי אין א נאַכט־העמד אָהן אַרבעל. זי האָט אָנגעכאַפּט איהר מאָראַלען פאַר די לאַנגע האָהר, זיך אָפּגערוקט אַזוי ווייט ווי די אויסגעשטרעקטע הענד האָבען ערלויבט, פערביסען די אונטערשטע ליפּ מיט איהרע ווייסע, ווילדע צייהן און געלאַכט און געשאָקעלט מיט׳ן צופּאַטעלטען, שוואַרצען קאָפּ האָהר, וואו א צוויי־שאַרפיגער שטילעט איז געווען דורכגענומען.

די בלייכע ים־שיסלעך, ווי א מחנה ווייסע פויגעל, האָבען אויף דאָס ניי גענומען שטיפען מיט אָפּעלא׳ן, האָט זי זיך האַרציג צולאַכט און בויגיג, ווי א ווילדע קאַטץ, גענומען אויסקושען מאָראַלען די אויגען, דאָס האָריגע לייב, טיעפער איינגעגראָבען איהרע צעהן פינגער אין זיינע לאַנגע פּאַסמעס האָהר, זיך צוריקגעבויגען, און, איינגעהילטע אין א רויטען שיין, זיינען ביידע געבליבען זיצען ווי פון איין שטיק קופּער אויסגעשמיעדט.

די ציגיינער, וואָס זיינען געלעגען אַרום, האָבען נערוועז גענומען פּיפּקען זייערע ליולקעס, געשפּיגען ווי ווייט זיי האָבען נור געקענט, כמעט זיך געשעמט צו קוקען ווי מאָראַלע, זייער „סטאַראָסטאַ“, פערגעסט זיך און זיך געשראָקען, אַז דער אַלטער זאָל באַלד קיין נאַרישקייט נישט אָפּטהאָן.

— אמת, אָפּעלא איז א טייפעל, א שטיק פייער, פון דעסטוועגען דאַרף זי געדענקען, אַז זי איז נישט מעהר ווי א מויד און איהר פּלאַץ איז ביי מאָראַלע׳ס פיס — האָבען די ציגיינער געטראַכט, זיך דערפיהלט מיט א מאָל איינגער און זיך גענומען צושאַרען צו די ציגאַנקעס.

אָפּעלא האָט זיך פּאַמעליך אַראָפּגעלאָזט אויף די קישענס, זיך אויסגעצויגען מיט׳ן פּנים צום הימעל און אַן אונרוהיגע גענומען כאַפּען מיט ביידע הענד די ים־שיסעלעך, אונטערגעשטעלט אונטער זיי די באַקען, דעם שטערן, די שוואַרצע האָהר, די אויגען.

און בערג פונקען, ווי פּאַלענדע שטערען, האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען — דאָס האָבען האַלב־נאַקעטע ציגיינערלאָך געוואָרפען גרויסע שטיינער אין פונאַנדערגעברענטע קאַרפּעס.

, אַרום איז געווען שטיל. פון מאָל צו מאָל האָט פון א צוברעכענע קאַרפּע א סענק אויסגעשאָסען.

צעמבאַל, דער בלינדער, גרויער פיעדעלשפּיעלער, מיט דער קאָלטענעוואַטער, ווי פון בראָנז געפּלאָכטענער באָרד, וואָס איז פערוואַקסען אַזש אין קאָפּ אַריין און זיך פערצויגען ביז אונטער די אויגען, האָט אויסגעזעהן ווי אַן אויסגעגראָבענע מיט די וואָרצלען קאַרפּע. צעמבאַל האָט א שאַר געטהאָן מיט זיינע ביינערנע קנאָכען איבער די סטרונעס פון אַן אַלטער פיעדעל, צועפּענט זיינע היהנערשע אויגען און מיט א צוציגענע פּחד־שטימע האָט ער אָנגעהויבען די אַלטע, צום הונדערטען מאָל דערצעהלטע געשיכטע:

„געלעבט האָט אַמאָל א ציגיינער אָלגאַשי. ער האָט גערעדט מיט דיר, דאַכט זיך געהאַלטען די הענד אין די הויזען־קעשענעס און ווי דו ביזט נור אַוועקגעגאַנגען, זיך א כאַפּ געטהאָן — די פּאָאר גראָשען זיינען נישטאָ. און אַז מען האָט איהם געכאַפּט אין א שטוב איז ער געוואָרען א ווערעמיל און אַרויס דורך א שפּאַלט. א גוטער ציגיינער איז אָלגאַשי געוועזען—פון „קאָשטשאָל“ ניט געוואָלט וויסען און צום הייליגען „דעמב“ תפילה געטהאָן. און פערשוואונדען איז אָלגאַשי ביי טאָג, דען פאַר זיין קאָפּ האָט דער „וואָיעוואָדאַ“ צוגעזאָגט הונדערט זילבערנע גילדען, און ביי נאַכט איז אָלגאַשי געשוואומען איבער דער ווייכסעל מיט זיין באַנדע וואוילע יונגען. און געקעניגט האָט דער ציגיינער אָלגאַשי ביי נאַכט איבער דער ווייכסעל גאַנצע דריי יאָהר מיט דריי טעג.

„שווערע צייטען זיינען געקומען — מחנות טערקען ווי היישעריקען האָבען פערפלייצט פּוילען, ליטאַ און אונגאַרן. יונג און אַלט, ווער עס האָט נור געקאָנט האַלטען א שווערד אין האַנד, איז געגאַנגען שלאָגען דעם טערק און געבליבען זיינען אין לאַנד קינדער און ווייבער.

„געוואָלט האָט אָלגאַשי שלאָגען דעם טערק, שטאַרק געוואָלט, געשעמט האָט זיך דער ציגיינער אָלגאַשי צו בלייבען אין א מדינה פון ווייבער און קינדער. שטאָלץ איז דער ציגיינער אָלגאַשי געוועזען, געוואַרט דער „וואָיעוואָדאַ“ זאָל נאָך איהם שיקען און אָן אָנגעכמורעטער, א בייזער האָט זיך אָלגאַשי געטראָגען אויף זיין שיפעל איבער דער ווייכסעל און געפייפט. און דער „וואָיעוואָדאַ“ האָט נאָך אָלגאַשי׳ן ניט געשיקט. און וואָס נעהענטער די טערקען האָבען זיך גערוקט צו דער ווייכסעל, געצונדען דערפער, אַלץ גיכער האָט זיך אָלגאַשי געטראָגען איבער דעם וואַסער,

געפּאָכעט מיט זיין קרומע שאַבלע און העכער געפּייפט. און אַז די פייערן זיינען געוואָרען אַלץ גרעסער, איינגעהילט די ווייכסעל, און די ווייסע שוים הינטערן שיפעל איז מיט אַ מאָל רויט געוואָרען, האָט אָלגאַשי אָפּגעזיפּצט און אַ שמייכעל געטהאָן. דאָס האָט איהם די ווייכסעל אַליין געשיקט שלאָגען דעם טערק. אַ פרעהליכער האָט אָלגאַשי נאָך דיזעלבע נאַכט געשיקט אַ שליח צום „וואָיעוואָדאַ“ און שלום געשלאָסען. און באַלד האָט מען דערהערט איבער גאַנץ פוילען אָלגאַשי’ס גבורות — ער האָט געשניטען מיט זיין קרומע שאַבלע טערקישע קעפּ ווי מען שניידט שטרוי“.

דער בלינדער צעמבאַל איז אַנשוויגען געוואָרען. זיך אויסגעדרעהט צו די פייערן און אַ ווייס־צוגליהטע שיין, ווי אַ בליץ, האָט זיך פערפלאָנטערט אין זיין קאָלטענעוואַטע באָרד, זיך אַ הויב געטהאָן און ווי אַ בלאַנקענדע שאַרף זיך איינגעשניטען אין זיין צואַקערט און פערוואַקסען פּנים.

ער האָט ווידער אַ ציה געטהאָן מיט די פינגער איבער די סטרונעס און אַ צושטראַהלטער האָט ער נאָך פאַמעליכער גענומען ציהען זיינע ווערטער:

„און אַז אָלגאַשי איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, האָט ער דעם „וואָיעוואָדאַ“ געבראַכט אַ מתנה אַ גאָלדענע שווערד און זיך — אַ גאָלדענע ציגאַנקע. שעהן איז געוועזען די גאָלדענע שווערד, שעהנער אָבער — די גאָלדענע ציגאַנקע. איהרע שוואַרצע אויגען האָבען געברענט ווי זיעבען זונען און ניט איין יונג איז דורך איהר פער’שרפ’עט געוואָרען. געפעלען איז דעם „וואָיעוואָדאַ“ די גאָלדענע שווערד און נאָך מעהר איז איהם געפעלען — די ציגאַנקע. האָט דער „וואָיעוואָדאַ“ אָלגאַשי’ן אָפּגעשיקט די גאָלדענע שווערד און בעפוילען ער זאָל איהם שיקען די ציגאַנקע. די ערשטע נאַכט דאַרף זי בעלאַנגען צו איהם. אַזאַ מנהג איז דאַן געוועזען.

— אַ דונער וואָלט איך איהם געגעבען! — האָט אַ יונגער ציגיינער איבערגעריסען צעמבאַלען מיט אַ ניגון.

„און אומעטיג איז אָלגאַשי געוואָרען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין שטאָלצע קאָפּ און זיינע וואָנסען זיינען געפאַלען איבער די אַקסלען. האָט געשוואָרען ביים אַלטען „דעמב“ צו זיין געטריי דעם „וואָיעוואָדאַ“ און שיקען די ציגאַנקע האָט איהם דאָס האַרץ ניט געלאָזט, אוי, ניט געלאָזט. און אָלגאַשי איז אַוועק מיט דער ציגאַנקע צו דער ווייכסעל, געפאַלען פאַר’ן אַלטען, נאַקעטען „דעמב“, אָהן בלעטער און אָהן צווייגען, און אַזוי געזאָגט: „אַלטער דעמב, הייליגער דעמב, אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי, צי זאָל איך שיקען די מויד צום „וואָיעוואָדאַ“? און דער דעמב האָט געענטפערט: „פרעג ניט מיך, פרעג די ווייכסעל און אויב זי וועט דיר ניט ענטפערן וואַרף איהר די גאָלדענע שווערד פאַר אַ קרבן און דער סמן וועט זיין — די ווייסע פאַסען פון הינטער דיין שיפעל מוזען רויט ווערען“.

„און אָלגאַשי איז געזעסען מיט דער שעהנער ציגאַנקע אויפ’ן ברעג פון דער ווייכסעל, געהייסען טרייבען זיין שיפעל און געוועזען זיכער, אַז אַ נס וועט געשעהען. און ווייס איז די שוים פון הינטערן שיפעל געוועזען און נאָך ווייסער זיינען דער ציגאַנקעס ווייסע צייהן געוועזען. איז אָלגאַשי געוואָרען אונרוהיג, אַ שליידער געטהאָן די גאָלדענע שווערד אין דער ווייכסעל אַריין, גיכער געהייסען טרייבען דאָס שיפעל און די שוים איז אַלץ ווייסער געוואָרען. און די שעהנע ציגאַנקע האָט צופלאָכטען איהרע לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, אַרומגענומען אָלגאַשען מיט ביידע הענד און שטאַרק געבעטען ער זאָל זי ניט שיקען צום „וואָיעוואָדאַ“. און אַז דעם „וואָיעוואָדאַ’ס“ שליח האָט זיך בעוויזען פון דער ווייטענס און די ווייסע שוים פון הינטער’ן שיפעל איז ניט רויט געוואָרען, האָט אָלגאַשי אַ בלאַסער אויפגעהויבען זיין ציגאַנקע און זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט איהר אויף די שפּיציגע, שוואַרצע שטיינער, וואָס האָבען זיך געשווינקט אין דער ווייכסעל. און די ווייסע שוים האָט גענומען רויט ווערען.

„אַזוי איז געשטאָרבען דער ציגיינער אָלגאַשי און זיין גאָלדענע ציגאַנקע. — — —“.

צעמבאַל איז אַנשוויגען געוואָרען, פערלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פערמאַכט די בלינדע אויגען און אָנשפּאַרענדיג זיין לאַנגע, קאָלטענעוואַטע באָרד אויף דער פיעדעל, האָט ער גענומען ציהען מיט’ן בויגען איבער די סטרונעס, איבער דער באָרד. זיינען די ציגיינער לעבעדיגער געוואָרען, גענומען מיט־פייפען, מיט־זינגען און די, וואָס זיינען געלעגען אויף די בייכער, האָבען פעררייסען די פיס אין דער לופטען און צוגעקלאַפּט מיט די טילקעס צום טאַקט.

און אַ פער’חלום’טע איז אָפּעלאַ געזעסען אויף די ווייכע קישענס, געזעהן דעם גבור אָלגאַשי, ווי ער שטעהט ערגעץ ווייט אַ הויכער אין אַ פוטערען היטעל, האַלט די גאָלדענע ציגאַנקע אויף די הענד. די ציגאַנקע שפּרייט פייערדיגע פלאַכטעס, צינדט בוימער און דער וואַלד ברענט. אָפּעלאַ האָט אַ ציטער געטהאָן, זיך אַ ווײַלע איינגעהערט ווי די ציגיינער זינגען און איז אויפגעשפּרונגען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די קאָלירטע זיידענע פלאַכטע איבער די ברוסטען, זי פעסט איינגעצויגען אַרום דער טאַליע און אין איהרע געלע געשנורעוועטע שטיוועלאַך מיט די זיידענע קוטאַסען, האָט זי גענומען אַרומגעהן איבער דער פאָדלאָגע געלאַסען. זי האָט געהויבען מיט די אַקסלען, געבויגען איהרע פולע נאַקעטע הענד, פערלייגט די

צוויי צעפּ אַרום דעם קאָפּ ווי אַ קראַנץ און זיך אָפּגעשטעלט.

אין „אָווטשאַרעק" האָט זיך צושטאָטען אין דער נאַכט אַריין.

אַ יונגער ציגיינער אין אַ פּאָאַר לאַקירטע שטיוועל מיט שטאָהלענע פּאָדקאָוועס, די שוואַרצע געקרויזטע האָהר פּערקעמט מיט אַ שרינט אין דער מיט, די וואָנסען וואויל-יונגעריש פּערדרעהט, איז אַ פּאַל אַריין געטהאָן ווי אַ רוח און זיך גענומען טראָגען אויף איין פוס צו דער ציגאַנקע. ער האָט אָנגענומען אָפּעלאַ'ן ביי דער האַנד, אויסגעשטעלט אַ פוס, מיטגעזונגען און שטעהענדיג אויף איין פּלאַץ האָט ער גענומען צוקלאַפּען מיט אַ פוס צום טאַקט, אַז פּונקען האָבען זיך געגאָסען פון אונטער דער פּאָדקאָווע. ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ ריס געטהאָן ווי אַ ווינד, געפלויגען מיט אָפּעלאַ'ן איבער דער פּאָדלאָגע און עס האָט זיך געדאַכט אַז ער קלייבט זיך צו אַנטלויפען מיט דער ציגאַנקע ערגעץ אין פעלד אַריין; האָט ער זיך אָבער בייס ראַנד פון דער פּאָדלאָגע אין דעם שטאַרקסטען אימפּעט אַ זעץ צו געטהאָן, פּערוואָרפען אַ פוס, אַ פּאַטש געטהאָן אין דער לאַקירטער כאָליאַווע, אַ קנאַל מיט דער צונג, זיך האַסטיג אַ כאַפּ אויף געטהאָן, געבליבען שטעהן אויף די אָבצאַסען, זיך גענומען דרעהען אויף איין פוס צוקלאַפּענדיג מיט'ן צווייטען, גלייך מען וואָלט אַרבעס געשאָטען, געפאַלען אויף די הענד, אויפ'ן בויך, זיך אַרומגעוויקעלט ווי אַ בויגעל אַרום אָפּעלאַ'ס פיס און אָפּעלאַ אַ צופּלאַמטע, אַ שטאָלצע, מיט'ן בלאַנקענדען שטילעט אין איהרע צופּאַטעלטע, שוואַרצע האָהר, וואָס האָבען זיך האַלב צושאָטען איבער די אַקסלען, האָט זיך בויגיג צוגעזעצט אויפ'ן ציגיינער, אויסגעשטרעקט איהר לאַנגען גאָלדענעם האַלז, פּערזשמורעט די אויגען און ווי אַ קלאָר פייפעל גענומען אויסזינגען אַן „אָווטשאַרעק".

און אַז די ציגיינער, יונג און אַלט — טונקעל-קופּערנע, מיט שוואַרצע קעפּ האָהר, מיט פלאַם-פייערדיגע אויגען, ריהרעוודיג, מיט טיגריישעס אין זייערע אַלע גליעדער, האָבען דערזעהען פון דערווייטענס די קופּער-שמיעדען מיט די גרויסע זילבערנע קנעפּ ווי גלעקלאַך, האָבען זיי זיך דערפיהלט שטאָלצער, וואָס די ציגיינערשע יחסנים פּאַרלאָזען זייערע פייערן ביי נאַכט און שלעפּען זיך אַהער, און אַלין צוליעב אָפּעלאַ'ן!

זיי האָבען זיך איינציגווייז אויפגעשטעלט, אַראָפּגעוואָרפען די בלויע רעקלאַך און אַ ציגיינער איז זיך פּערגאַנגען:

... שוואַרצע אויגען, שוואַרצע צעפּ,
ווייסע צייהן, זילבערנע קנעפּ!
האָלאַ, האָלאַ, האָלאַ-לאַ!
האָלאַ, האָלאַ, האָלאַ-לאַ!

און אַ כאָהר פון מענערשע שטימען האָט זיך געריסען אין דער נאַכט אַריין, געוואָרען ווילדער, זיך אָפּגעריסען און אָנגעיאָגט אַ מאָדנעם אומעט. האָט זיך אַ ציגיינער ערגעץ צולאַכט —האָבען אַלע אויסגעשאָסען אין אַ קינדיש געלעכטער, זיך געפּאָארט און ווילד זיך געטראָגען איבער דער פּאָדלאָגע.

יונגע פּויערים און שיקסעס האָבען זיך צונויפגעקליבען פון אַרום, זיך צוזעצט פון דערווייטענס און געקוקט. עס איז געוועזען שטיל. די פייערען זיינען זיך צושוואומען, אָנגעפילט די לופט מיט אַ רויטליכען רויך. די לבנה אַ בלוטיגע, אַ רויטע איז געשטאַנען איבער'ן וואַלד און גרויסע, לאַנגע שאָטענס האָבען זיך געלעגט, געהויבען, זיך אויסגעצויגען איבער'ן שאָססע און פערשוואונדען ערגעץ דאָרט אין טיעפען וואַלד.

פון די שאָטענס האָט זיך אַרויסגעשניטען אַ הויכע פיגור, באַלד נאָך אַ פיגור און זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו די ציגיינער. דאָס איז געוועזען זיגמונד בליאַש, אַ הויכער, ברונעט פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג, מיט אַ קלוג ריהרעוודיג פנים, וואָס מאַכט תמיד דעם איינדרוק אַז עס איז ניט געראַזירט. בליאַש, פּאַרפּאָהרענדיג צו זיך אויף אַ טאָג אין וואַלד אַריין, איז אַ נייגעריגער געגאַנגען בעקוקען די ציגיינער. נאָך איהם האָט זיך נאָכגעשלעפּט וואַצעק זיין לעשניק — אַ נידריגער, ברייט-ביינינגער און איינגעהויקערטער פּויער מיט צושפּרייטע הענד און פיס, דערמאָהנענדיג פון דערווייטענס אַ גרויסען שפּין.

אַז זיגמונד בליאַש איז צוגעקומען נעהנטער און דערזעהען אָפּעלאַ'ן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די ציגאַנקע אין איהר קאָלירטע, זיידענע פּלאַכטע מיט די צופּאַטעלטע האָר דורכגענומען מיט'ן בלאַנקענדען שטילעט, איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער פּאָדלאָגע אַ בויגיגע, אַ שטאָלצע. זי האָט אַ בויג געטהאָן איהר קאָפּ רעכט — און די לבנה האָט זי אָפּגעגאָסען מיט אַ מאַטע זילבערנע בלייכקייט; לינקס — און די פייערען האָבען זי איינגעהילט אין אַ רויטליך זיידענעם טוהל. זיגמונד האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס אין דער ציגאַנקע געפעלט איהם און פּונקט ווי דער ים אין אַ שעהנעם פּאַרנאַכט שטימט אי פרעהליך, אי אומעטיג, אַזוי האָט בליאַש מיט אַמאָל דערפיהלט ווי עס ווערט איהם אי לייכט, אי שווער און אַ צונגעשמידער איז ער געבליבען שטעהן און געקוקט אויף דער ציגאַנקע.

דער לעשניק האָט פון גרויס התפּעלות פּעררוקט דאָס היטעל, זיך גענומען קראַצען און אויסגעשפּיגען: „פּשאַ-קרעוו, אַ טייוועל אַ מויד"!

די ציגיינער דערזעהענדיג דעם פּאַן בליאַש האָבען זיי איהם גלייך צוגעפיהרט צום „סטאַראָסטאַ".

— גוט אבענד, פאניע בעל־הבית! געקומען בעזוכען אונז ציגיינער, אמת? זעהר שעהן, זיץ! — האט דער סטאראסטא געצויגען די ווערטער און צוגערוקט בליאש'ן א לייווענטען בענקעל.

זיגמונד בליאש האט זיך אויסגעצויגען נעבען ציגיינער אויפ'ן גראז. א יונג ציגיינערל האט דערלאנגט צוויי פלעשלאך ביער.

— יעצט, מיין „גאלדענער פאן“, וועלען מיר טרינקען ברודערשאפט — און דער סטאראסטא האט דערלאנגט זיגמונד'ן א פלעשעל ביער.

— א דאנק, איך טרינק נישט!

— בא — האט דער סטאראסטא אויסגעשפיגען — דער פאן שעהמט זיך גאר מיט ציגיינער! עה, „פאניע זלאטי“, דאס געהט נישט! מיר זיינען דאך קאטאליקען, געהען אין דעם זעלבען „קאשטשאל“, ליגען אויפ'ן זעלבען בית־עולם, מיר זיינען ברידער! נו, טרינק! בעליידיג נישט א ציגיינער!

— ווער איז דיין ברודער, ווער? וואס מלאמעלסטו? — האט דער לעשניק זיך חוצפה'דיג אריינגעמישט — דו טרעפסט ווי א בלינד פערד!

— ווער רעדט צו דיר — האט מאראלע שטאלץ געענטפערט — אז מענשען רעדען, שוויג, דו, חזר'ש אויער, דו — און ער האט ווייטער גערעדט צו בליאש'ן:

— אזוי, דען פאן בעל־הבית איז א „איזראעליטא“, נו, זיינען מיר דאך אודאי און אודאי קרובים, טא טרינק־זשע, פאניע! א פלעשעל ביער וועט דיך אביסעל צוטרייסלען און יונג ביזטו דאך — נישט גוט צו זיצען אויף הייסע קוילען, פאניע, עס בריהט! קלויבט מען זיך אויס א ציגאנקע! פייער לעשט פייער!

זיגמונד בליאש האט געשמייכעלט.

— עה, פאניע, דו ביזט געלערנט, געגאנגען אין שקאלעס און אזא קליינינקייט ווייסט דו נישט, נו, טרינק וועל איך דיר באלד ערקלעהרען.

דער סטאראסטא האט אנגעהויבען:

— מיט טויזענדער יאהרען צוריק, ווען דער שטארקער דעבלא האט געוואלט מענשען בעשאפען, האט ער אוועקגעשטעלט מחנות מלאכים איבער צוויי גרויסע גריבער ליים און געהייסען פון ערשטען גרוב אויסקנעטען אידען און פון צווייטען — פאליאקען. די מלאכים האבען געקנעטען, געקנעטען ביז זיי האבען כמעט דעם גאנצען ליים אויסגעקנעטען. און אין יעדען גרוב איז געבליבען צו ביסעל ליים פון וועלכען מען האט מעהר קיין מענש ניט געקאנט מאכען. זיינען די מלאכים געשטאנען פערזארגטע, נישט געוואוסט וואס מיט'ן ליים צו טהאן. אז דער שטארקער דעבלא האט דאס דערהערט, האט ער זיך צולאכט פון איין אויער ביז דעם צווייטען, צונויפגענומען דאס ליים פון ביידע גריבער, עס גוט אויסגעקנעטען און ארויסגעשפרונגען איז א שווארצער ציגיינער.

בליאש האט זיך צולאכט. אפעלא איז צוגעקומען טאנצענדיג און ווי זי וואלט נישט באמערקט א פרעמדען מאן זיצען, האט זי זיך א ווארף אריין געטהאן אין די קישענס.

— נו, פויגעל מיינער, ביזט מיעד — האט זיך דער סטאראסטא געווענדעט צו אפעלא'ן — זעהסט, דאס איז דער פאן בעל־הבית, געקומען אונז בעזוכען, ווייבעל מיינס!

זי האט א ווילדע געקוקט אויף בליאש'ן און איהם בעגריסט.

— איהר האט א שעהן ווייב, אויף מיין ווארט, שעהן — האט בליאש געזאגט דעם ציגיינער אז זי זאל אויך הערען און געקוקט אויף דער ציגאנקע

אפעלא האט צועפענט איהרע גרויסע אויגען און מיט א קינדישער תמימות און איבערראשונג געקוקט בליאש'ן גלייך אין פנים אריין, ביז ער האט נישט אויסגעהאלטען און זיך פארשעהמט, האט זי אויסגעשאסען אין א הילכיג געלעכטער, אויפגעשפרונגען און פערשוואונדען צווישען די פאארלאך אויף דער פאדלאגע.

— יונג בלוט — האט דער סטאראסטא א צופריעדענער געזונגען — קאן נישט איינזיצען.. דאס איז גאר קיין מויד נישט, דאס איז פייער! און אלט ווערען לאזט זי נישט, זי וועט גיכער פון טויט לעבעדיג מאכען!

— איהר האט שוין לאנג חתונה געהאט?

— האט בליאש געפרעגט.

— לאנג? ניין! צום לוויוועטשער פערדמארק וועט ווערען א יאהר!

אפעלא איז צוריקגעקומען, זיך אראפגעלאזט אויף די קישענס און אן אונצופריעדענע געזאגט:

— קום, טהייערער, מיר וועלען א היים געהן, איך בין מיעד.

— וואס איז, פויגעל מיינער? וואס האסט דו דאס קעפיל אראפגעלאזט, זאג!

— גאר נישט. איך בין מיעד, קום אהיים!

— גוט!

מאראלע האט זיך אויפגעשטעלט, אנגעטהאן זיין בלויען, ברייטען ראק מיט די קיילעכדיגע שנורענע פעטליעס און זיך צורעדט מיט א ציגיינער.

אפעלא האט מיט א מאל געפרעגט, ניט קוקענדיג אויף בליאש'ן:

— דער פאן איז רייך? ווי רייך איז דער פאן?

— איך בין זעהר רייך!

— רייך ווי א פרינץ?

— רייכער!

— און צו וואס דארף דער פאן אזוי פיעל געלד?

— איך זאמעל עס פאר מיין געליעבטע,

— טאַקע? און וואו וואוינט דער פאַן? אין וואלד?

— ניין, איך וואוין ווייט פון דאַן, איך וואוין אין ווארשע.

— אין ווארשע? דאָרט זיינען דאָך פאראַן אזוי פיעל שעהנע מיידלאך! פארוואָס קלויבט זיך דער פאַן נישט אויס קיין געליעבטע?

— ווען איך געפין אזא מיידעל ווי דו ביזט... ווי הייסט דו?

— גאָה, דער פאַן לאַכט פון מיר!

— אסור!

— ווי איך הייס? אַפּעלאַ! און ווי הייסט דער פאַן?

— זיגמונד. אַפּעלאַ, דו ווייסט וואו די ווערענדע איז אין וואלד?

— אודאי ווייס איך!

— קום מאָרגען פארנאכט צו דער ווערענדע. וועסט קומען?

— צו דער ווערענדע?

מאַראַלע האָט איבערגעריסען דעם געשפרעך. ער האָט צונויפגענומען די קישענס, זיי איבערגעגעבען א ציגיינער און זיך געזעגענט מיט בליאַש'ן:

— א גוטע נאכט, פאַניע בעל-הבית, נעהמט נישט פאר אומגוט וואס איך גאָה אוועק, פאַרבלאָנדזשעט אמאָל צו מיר אין דער פאלאַטקע, א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט.

אַפּעלאַ איז אויפגעשפרונגען, זיך נישט געזעגענט מיט בליאַש'ן און גענומען אוועקגעהן מיט'ן ציגיינער.

בליאַש איז געבליבען ליגען, געקוקט ווי דער „סטאַראָסטאַ" שפרייזט יונג און בויגיק, ווי וואוילעריש ער ווארפט מיט דעם גרויסען קאָפּ האָהר און פערשווינדט ביסלעכווייז מיט דער ציגאַנקע. צוויי גרויסע שאָטענס האָבען געשפרונגען פון דער לאָנקע אויפ'ן שאָססע און בליאַש'ן איז מיט א מאָל שטארק אומעטיג געוואָרען.

די פאַדלאָגע איז געוואָרען לעדיג.

ערגעץ ווייט האָט זיך עמיצער צוזונגען, עס האָט זיך געהערט א געלעכטער און עס איז שטיל געוואָרען.

בליאַש איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, געקוקט אויף אַפּעלאַ'ן, ווי אויף א ווילדע פרינצעסין און עס האָט איהם באנג געטהאָן ביז טרעהרען.

(פאָרטזעצונג קומט)

ד"ר. אסתר לוריע.

באַראָנעסע פאַניע פאָן אַרנשטיין

פון דער סעריע „די בעריהמטע אידיש-דייטשע סאַלאָן-פרויען."

„זי איז געווען שעהן און סימפאַטיש, קלוג און גוט; זי האָט געהאט פיעל גייסט און בילדונג, לעבהאַפטיגקייט, טאַלאַנט און טאַקט. זי איז געווען אידעעל, האָט געהאט געפיהל פאר שעהנהייט און פייהיגקייט צו צופאסען זיך געשיקט צו אַלערליי אומשטענדען. אַלעס אין איהר איז געווען גראציע — איהר פיגור, איהר האַלטונג, איהרע בעוועגונגען. אַלעס אין אַנבליק פון דער מערקווירדיגער פרוי איז געווען הארמאָניע, מוזיק."

אזוי ווערט די באראָנעסע פאַן אַרנשטיין כאַראַקטעריזירט אין דעם ביאָגראַפישען לעקסיקאָן פון קייזערטום עסטרייך.

און אזוי ווי איהרע פריינדינען, העגריעטע הערץ, דאראטעא מענדעלזאָהן און ראהעל לעווין, אזוי איז אויך פאַניע אַרנשטיין געווען וועלט-בעריהמט. זי האָט געהאט א גרויסען נאָמען אין עסטרייך, דייטשלאנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אין אנדערע לענדער. אזוי ווי די סאלאָנען פון איהרע פריינדינען אין בערלין, אזוי איז אויך איהר סאלאָן אין וויען געווען דער מיטעלפונקט פון די העכסטע אריסטאָקראַטען און די געבילדעטסטע מענער פון יענער צייט — דער פערזאמלונגס-פּלאַץ פון דיכטער און געלעהרטע, פון מיניסטאָרען און פרינצען.

פאַניע ארנשטיין איז אָבער ניט אוועק פון אידישען פאָלק, ווי עס האָבען געטהאָן איהרע בערלינער פריינדינען. זי איז פערבליבען אין יודענטהום. ביז'ן סוף פון איהר לעבען האָט זי זיך אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די אידען, און זי האָט אויסגענוצט איהר גרויסען איינפלוס פאר די אידישע אינטערעסען. נאָך דער עסטרייכישער קייזער יאָזעף דער צווייטער האָט געקענט און געשעצט די אידישע באראָנעסע. שפּעטער זיינען צווישען איהרע גוטע בעקאנטע געווען אזעלכע פערזענליכקייטען, ווי דער אַלמעכטיגער מיניסטער מעטערניך. נאָך דער מפלה פון נאַפּאָלעאָן דעם 1טען אין צייט פון דעם וויענער קאָנגרעס, איז איהר סאלאָן געווען דער צענטער פון די

העכסטע ענגלישע, פראנצויזישע און דייטשע דיפלאמאטען. וועלינגטאן, טאילעראן, הארדענבורג זיינען געוועזן אפטע בעזוכער ביי איהר אין הויז. און אט אויף די הויכע הויכקייטען פון איהר שטעלונג אין דער געזעלשאפט האט זי ניט פערגעסען אן איהר געדריקטען פאלק, און זי האט געטהאן וואס זי האט געקענט צו פערגרינגערן די אידישע לאגע.

Fanny von Arnstein.

פאניע (נאך איהר אידישען נאמען פייגע) ארנשטיין, איז געבארען געווארען אין בערלין אין 1758־טען יאהר. זי שטאמט פון דער בעריהמטער פאמיליע איטציג. איהר פאטער דניאל איטציג איז געוועזן דער הויף־באנקיר פון פרייסישען קעניג און דער הויפט פון די אידישע געמיינדען פון פרייסען. ער איז געוועזן זעהר א געאכטעטער, הויך־איידעלער כלל טהוער. עס איז אינטערעסאנט, אז אפילו דיא אנטיסעמיטישע פרעסע פלעגט וועגען איהם ריידען מיט גרוים רעספעקט.

פאניע האט אבער פריה פערלאזען איהר היימאט, חתונה האבענדיג מיט'ן באנקיר ארנשטיין פון וויען, וואס האט שפעטער געקראגען דעם טיטול באראן. שוין אין בערלין איז פאניע געשטאנען אין מיטען פון די גייסטיגע בעוועגונגען פון איהר צייט. מיט די ראמאנטיקער*) האט זי אבער ווייניג וואס שייכות געהאט. בעת זי איז איבערגעפאהרען אין וויען, איז נאך בערלין ניט אנגעשטעקט געוועזן מיט דער ראמאנטיק. און זי איז געבליבען גאנץ ווייט פון דער בעוועגונג פון די ראמאנטיקער, ניט קוקענדיג אויף איהרע נאהענטע בעציהונגען צו דאראטעא מענדעלזאהן און הענריעטע הערץ. איהר לעבען האט דארום אנגענומען א גאנץ אנדער כאראקטער.

*) זעה אין די פריהעריגע נומערן „צוקונפט“.

ווי מיר האבען שוין דערצעהלט, האט פאניע ארנשטיין געשפיעלט אין וויען א גרויסע ראלע. איהר הויז, אדער סאלאן, ווי מען פלעגט עס אנרופען, איז געוועזן דער גייסטיגער פעראייניגונגס־פונקט פון אלערליי בעגאבטע און וויכטיגע פערזאנען אהן אונטערשיעד פון געזעלשאפטליכער לאגע און נאציאנאליטעט. און פאניע ארנשטיין האט פיעל מיטגעווירקט אומצושטירצען די וואנד וואס האט אבגעטהיילט די אידען פון די קריסטען. איידער אבער מיר וועלען געהן ווייטער, וועלען מיר געבען א קורצען איבערבליק וועגען דער דאמאלסדיגער לאגע פון די אידען אין עסטרייך.

די גרויסע אידישע מאסען זיינען דאן געוועזן אין עסטרייך שרעקליך געדריקט און רעכטלאז. א קליין־הייפעל רייכע אידען אין וויען האט שוין אבער געגען דער שרעקליכער רעכטלאזיגקייט גענומען קעמפפען. אין די הויכע קרייזען האט מען געקוקט קרום אויף די חוצפה פון די אידישע גבירים. דער ערץ־בישאף פון וויען בעקלאגט זיך פאר דער קייזערין מאריע־טערעזע, אז די אידען בעזוכען די קאפע־הייזער און רעסטאראנען, טהוען זיך אן ווי די אריסטאקראטען, פארנעהמען אין טהעאטער די בעסטע ערטער, האבען קריסטליכע דיענער.

מאריע טערעזע האט זיך געמוזט מאכען ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג, ווייל עס זיינען געקומען אנדערע צייטען; מען האט געמוזט געבען די אידען מעהר פרייהייט, און דערצו האבען זיך די רייכערע אידען ניט געלאזען דריקען — און אויסקומען אהן זיי האט מען אויך ניט געקענט. מאריע טערעזע'ס זוהן, יאזעף דער צווייטער, האט אבגעשאפט מאנכע בארבארישע אויסנאהם־געזעצע וואס האבען די אידען געפייניגט און ערניעדריגט, — ווי טראגען לאנגע בערד, ניט ארויסגעהן אין גאס פאר מיטאג אין פייערטעג און זונטאג, ניט בעזוכען עפענטליכע גארטענס. אט די דאזיגע חסדים לויבט דער דייטשער פאעט קלאפשטאק. אין אן אדע צום קייזער זאגט ער: „דעם אידען האסט דו געמאכט פאר א מענשען“. אבער ניט דאס אליין האט יאזעף געגעבען די אידען. ער איז געגאנגען פיעל ווייטער אין זיינע רעפארמען. ער איז געוועזן פון די אזוי־גערופענע אויפגעקלעהרטע דעספאטען, וואס זיינען שוין פערכאפט געוועזן פון דעם גייסט פון דער נייער צייט. ער האט ארויסגעגעבען א טאלעראנץ־עדיקט אין 1781 יאהר, לויט וועלכען די פערשיעדענע נאציאנאליטעטען פון עסטרייך האבען ערהאלטען געוויסע רעכטע.

דער טאלעראנץ־עדיקט פאר די אידען בעשטעהט פון 25 פונקטען. די אידען בעקומען פיעל מעהר פרייהייט, ווי זיי האבען געהאט ביז אהער. די גהעטא ווערט אפגעשאפט. דיא אידען קענען וואוינען, וואו זיי ווילען. זיי קענען זיך בעשעפטיגען מיט מלאכות, מיט גרויס

און קליין־האנדעל. זיי קענען גרינדען פאבריקען נאָך מעהר — די פאבריקען קענען זיי האָבען אויף אויפ'ן לאנד. זיי קענען בעזוכען די רעאל און נאָרמאל־שולען (גימנאזיעם), אויף די אוניווערזיטעטען. זיי האָבען רעכט צו גרינדען אידישע נאָרמאל־שולען. צו דער זעלבער צייט האָט אָבער יאָזעף דער צווייטער געזוכט צו מאַכען די אידען ניט אנדערש ווי דייטשען. ער האָט עס געזוכט צו מאַכען דורך אַלערהעכסטע בעפעהלען, ביט פּאָסעמו. און די אידען, פערשטעהט זיך, האָבען זיך געשטעלט דאגעגען.

אזוי בילדען די אידען, לויט דעם ערשטען פאראגראף פון טאָלעראנץ־עדיקט, קיין געמיינדע, זיי קענען ניט האָבען קיין סינאַגאָגע און קיין אידישע דרוקעריי. דער קייזער האָט געוואָלט ארויפדריקען אויף זיי איבערגוואלד די דייטשע קולטור.

די אידען אָבער האָבען געקעמפּפט געגען דעם און אנגענומען די דייטשע קולטור זעהר לאַנגזאַם, זיי האָבען אַרויסגעצייגט פיעל צוגעבונדענקייט צום יודענטהום, און די דייטשע קולטור האָט ניט ארויסגערופען קיין אָבפאל פון יודענטהום, ווי אין בערלין.

די קולטורעלע ענטוויקלונג איז געגאנגען אין וויען לאנגזאמער, ווי אין בערלין. זי האָט ניט פארכאפּט אזוי ווא דאָרטען די אידישע פרויען. פאַניע אַרנשטיין און איהר שוועסטער פאָן עסקעלעס זיינען געווען די ערשטע געבילדעטע, גייסטרייכע אידישע פרויען אין וויען. זייערע סאלאָנען זיינען געווען די ערשטע און אין דיעזע סאַלאָנען זיינען די אידען מיט די קריסטען צום ערשטען צונויפגעקומען זיך, ווי גלייכע מענשען.

פאַניע אַרנשטיין האָט מען גערופען די דייטשע „מאַדאַם דע־סטאל“, איהר סאלאָן האָט עקזיסטירט עטליכע און דרייסיג יאָהר. דאָ פלעגען זיך צונויפקומען אנגעזעהענע אויסלענדער, רעגיערענדע פערזענליכקייטען און פרינצען, מיליטער־בעאמטע, גייסטרייכע פאָרשטעהער פון אַלע קלאַסען—גייסטליכע, סוחרים, קינסטלער — אהער פלעגט מען אויף קומען נאָך פראָטעקציע, נאָך שטיצע, און מיט לעדיגע הענד פלעגט מען ניט אוועקגעהן.

איהר רייכטהום האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו מאכען איהר הויז גלענצענד. זי פלעגט בעזאָרגען מיט'ן העכסטען קאָמפּאָרט איהרע געסט. פיעלע געסט פלעגען ביי איהר בלייבען מיט זייערע פאמיליעס מאָנאַטען לאנג. אין איהר וויענער הויז און אין איהרע צוויי מאיאָנטקעס זיינען די טיהרען אימער געווען ברייט אָפען. דאָס האָט נאַטירליך זעהר אויסגענומען ביי די קריסטען, הויפּטזעכליך אָבער האָט זי געווירקט מיט'ן וואונדערליכען צויבער פון איהר פערזענליכקייט. איינע פון איהרע בעריהמטע פריינד האָט געזאָגט מיט בעגייסטערונג: „ווען פאַניע אַרנשטיין וואָלט ניט געהאַט אפילו קיין איינציגען העלער, וואָלט זי אלין נאָך געווען א מיליאָנערין.“

זי אַליין איז געווען א פרעהליכע און האָט ליעב געהאַט געזעלשאַפט. און זי האָט געקענט שאפען אן אַטמאָספערע, אין וועלכער איהרע געסט זאָלען זיך פיהלען אימער לוסטיג. אזוי שרייבט ראַהעל פון אַרנשטיינ'ס מאַיאָנטעק אין באדען: „פרוי פאָן אַרנשטיין איז דאָ נאָך טויזענד מאָל בעסער ווי אין שטאָדט; זי האָט ניט קיין פרעטענזיעס צו איהרע געסט. די געסט האָבען דאָ אבסאלוטע פרייהייט און געניסען די אלע אנגענעהמע זאַכען, וועלכע מען געפינט אין הויז. די אַרנשטיינס אַליין זיינען צופריעדען, און זיי שטעלען צופריעדען זייערע געסט.“ די באַראָנעסע האָט קלוג און געשיקט געקענט פעראינטערעסירען און פערברענגען מיט מענשען. אין צייט פון דער מלחמה מיט די פראנצויזען אין 1809 האָבען זיך די לעצטע פריי געפיהלט אין איהר הויז, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זי האָט ניט בעהאלטען פון זיי איהרע פיינדליכע בעציהונגען צו די עראָבערער. זי איז געווען אן עסטרייכישע און אויך א פרייסישע פאטריאָטקע. עסטרייכס ניעדערלאגען אין דיא מלחמות מיט נאַפּאָלעאָן'ען האָבען אזוי געווירקט אויף איהר געזונד, אז מען האָט מורא געהאט פאר איהר לעבען. און נאפּאָלעאָן'ס ניעדערלאגע איז פאר איהר געווען א טריאומף. נאַפּאָלעאָן'ען האָט זי געזאָגט, אז זי וואָלט ניט געקענט לאנג בלייבען אין פראנקרייך, אז זי וואָלט געבענקט א היים, קיין וויען. מען זאָגט, אז נאַפּאָלעאָן האָט דאָס ניט געקענט מוחל זיין „דער פרעכער אידישער פרוי.“

א טראגיישע פאסירונג האָט שיער ניט צערשטערט אַרנשטיינ'ס סאַלאָן. א דייטשער פירסט האָט זי ליידענשאַפטליך געליעבט; ער איז צו איהר צוגעשטאַנען, אז זי זאָל זיך שמד'ען און מיט איהם חתונה האָבען. זי האָט זיך אָבער ענטשיעדען ענטזאגט דאָס צו טהאָן. איהרער אן אַנדער ליעבהאָבער האָט אָבער בעמערקט די ליעבע פון דעם פירסט, איז געוואָרען אייפערזיכטיג און ארויסגערופען דעם פירסט אויף א דועל און איהם דער־הרג'עט. אלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט דער טראגישער פאסירונג. איהרע טיעפע שמערצען אָבער האָט ארויסגערופען מיטלייד, און דער עולם האָט דערפיהלט צו איהר נאָך מעהר סימפאטהיע ווי פריהער. וואַרנהאַגען, ראהעל'ס מאַן, דערצעהלט אין נאָמען פון אן ענגלענדער א פריינד וועגען א שווארצען צימער, אין וועלכען די באַראָנעסע פלעגט זיך איינשליסען אין טאָג פון דעם פירסט'ס יאָהר־צייט, און א גאנצען טאָג אין איהם פערברענגען. וועגען דיעזען שווארצען צימער פלעגט מען אויף ריידען אין וויען. די גאַנצע מעשה מיט'ן שווארצען צימער איז זעהר ראָמאנטיש. און צו דאָס איז אמת, צו

ניט — איז דאָס אָבער כאַראַקטעריסטיש.

ארנשטיין איז געווען א טהעטיגער מיט־גליעדער פון דעם וואָלטהעטיגען פעראיין אין וויען, אלע מיטגליעדער פון דעם פעראיין זיינען געווען קריסטען — געבאָרענע הויף־גע־שטעלטע אריסטאָקראַטקעס. איין ארנשטיין איז פון געבורט ניט געווען קיין אריסטאָקראַט־קע, און נאָך דערצו אן אידישע פרוי. דאָך איז זי געווען די נשמה פון דעם פעראיין. אָהן איהר פלעגען זיך די אנדערע פיהלען ווי יתומות. זי האָט געהאָלפען דעם פעראיין אויסצובויען אן האָספיטאל אין באדען — זי האָט געגעבען אויף דעם פיעל געלד און פיעל געקליעבען.

זי האָט אויך געגרינדעט אין וויען דעם מוזיקאלישען עסטרייכישען פעראיין, וואָס עק־זיסטירט עד־היום. אין הויפט זאל פון פעראיין, אויבען אָן, הענגט יעצט אויך איהר בילד.

אין צייט פון וויענער קאָנגרעס האָט ארנ־שטיין'ס הויז געהאט די גרעסטע בעדייטונג. מיט'ן סאלאָן פון דער אידישער פרוי האָבען ניט געקענט קאָנקורירען די פיעלע גלענצענדע סאלאָנען פון דער העכסטער קריסטליכער אריס־טאָקראַטיע. וויכטיג אָבער איז דאָס, וואָס דיא באַראָנעסע האָט געהאט אן איינפלוס אויף די הויפט פיהרער פון קאָנגרעס — אויף מעטער־ניכען און הארדענבערגען. דיזען איינפלוס האָט זי אויסגענוצט פאר איהר פאָלק. דער רעאק־ציאָנערער וויענער קאָנגרעס האָט אָנגענומען פונקטען וואָס האָבען געזאָלט פארבעסערען די לאגע פון די אידען. ארנשטיינ'ס שתדלנות האָט אָבער קיין קיום ניט געהאט. די צייט און דיא אומשטענדען זיינען נאָך געווען זעהר ניט גינ־סטיג פאר דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן. די פונקטען וועגען אידען פון וויענער קאָנגרעס זיי־נען געבליבען נאָר אויפ'ן פּאַפּיער.

ארנשטיינ'ס סאלאָן האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען נאָך דער באַראָנעסעס טויט אין יאָהר 1818. איהר בילד האָט אָבער געלעבט לאנג אין געדעכנים פון פיעלע בעריהמטע פער־זאָנען. איהר גייסט האָט אויפגעלעבט אין דעם סאלאָן פון איהר איינציגער טאָכטער, וועלכע איז געווען אזוי שעהן און אזוי איידעל ווי איהר מוטער. איהר בילד לעבט נאָך אויף די בלעטער פון אונזער אידישער און אלגעמיינער גע־שיכטע, אין די בריעף פון יענער צייט (פון ראהעל, וואַרנהאגען, גענץ און אנדערע). אונזער אידישער היסטאָריקער גרעץ, וועלכער בעציהט זיך פיינדליך צו דעם בערלינער קרייז פון די אידישע סאלאָן־פרויען, געפינט אָבער פאר איהר נאָר ווערטער פון ליעבע און ענטציקונג.

אין ארנשטיינ'ס סאלאָן האָט די באַראָ־נעסע געשפּיעלט די הויפּט ראָלע, אין דעם וועניגער־אָנגעזעהענעם סאלאָן פון איהר שוועס־טער, פאַן עסקעלעס, האָט שוין אויך דער מאַן, דער באַראָן פאַן עסקעלעס געהאט א בעדייטונג. ער איז געווען זעהר קלוג, א פעהיגער פּאָליטי־קער, א מאַן מיט בילדונג און גייסט. די קייזאָ־רים יאָזעף דער צווייטער און פראנץ דער ערש־טער האָבען גאנץ אָפט געזוכט די עצה פון דעם אידישען באַראָן־באַנקיער. ראהעל זאָגט: עס־קעלעס עסט, שווייגט, לאכט קלוג, און אלעס וואָס ער זאָגט, איז אָריגינעל.

עסקעלעס, פאַני'ס שוואָגער, איז געווען א רב'ס א זוהן. ער איז געבליבען דעם גאנצען לעבען צוגעבונ־ען צום יודענטום און האָט גע־מוזט האָבען א ריין אידישע אטמאָספערע. ער האָט ליעב געהאט צו פערברענגען זעהר אָפט אין בעזונדערע צימערען מיט אידען. און דאָרט פלעגט ער זיך פיהלען פריי אלס איד. אין סאַ־לאָן, וואו עס איז געווען א מיש־מאַש פון אלער־ליי נאַציאָנאַליטעטען, איז דאָס געווען אונמעג־ליך.

און פונדעסטוועגען האָבען זיינע קינדער וועניג געוואוסט פון זייער אידישקייט: אזוי האָט געוואָלט די פרוי, און ער האָט געליטען און געשוויגען. דאָס איז געווען דער גייסט פון אסימילאַציאָן, דער קנעכטען־גייסט פון דער אידישער בורזשואזיע. זיינע צוויי קינדער, א זוהן און א טאָכטער, האָבען זיך ענדליך ביידע גע־שמד'ט.

מ. ניסענזאָהן.

* * *

ווייז זיך נאָך אמאָל דו גוטע,
און אויף אייביג דאַן פערשווינד,
זינג א ליעד מיר אין דער שטילקייט,
ווי א מוטער זינגט איהר קינד.

ביי דער נאַכט ווען פיעלע שטערען
קוקען פון דעם ווייטען רוים, —
קום וויש אָב ביי מיר די טרעהרען,
וועק אין הארץ א נייעם טרוים.

קום, פערוויעג מיך ווי א מוטער
זינגענדיג פערוויעגט איהר קינד, —
ווייז זיך נאָך אמל דו גוטע,
און אויף אייביג דאַן פערשווינד...

דר. ש. מלמד

טאָמיע אַטקינס, לע באָן זשאַן און דער דומער אויגוסט

אַ ביסעל סאָלדאטען־פסיכאָלאָגיע

א מענשען דערקענט מען אם בעסטען ווען ער איז גאָר קיין מענש ניט — ווען ער איז אַ בעסטיע. און אַ סאָל־דאַט איז געגליכען צו — אַ מענשען — אין פריעדענס־צייטען. ווען עס איז שלום אויף דער וועלט, זייַנען כמעט אַלע סאָלדאטען גלייך. וואָס דער דייטשער סאָלדאַט טרינקט מעהר קאָפע, וואָס דער פראַנ־צויזישער סאָלדאט טרינקט מעהר אבסינטה און וואָס דער ענגלישער סאָלדאַט עסט מעהר מאר־מאַלאַדע, מאַכט ניט קיין גרויסען דיפערענץ. אָבער אין מלחמה־צייטען, ווען זיי ווערען אַלע דריי אויס־מענשען און גאנצע בעסטיעס, ציינען זיך שטאַרק אַרויס זייערע פסיכאָלאָגישע די־פערענצען. זייערע פערווילדערטע נשמות הענ־גען אויף זייערע בלאנקע אוניפאָרמעס און יע־דער וואָס האָט אויגען קען דיעזע פערשיעדענע און אָפט קאָמישע סאָלדאטען־נשמות זעהען.

איך האָב געזעהען דעם „דומען אויגוסט“ דעם דייטשען סאָלדאט ווען ער איז אַוועק קיין כינא מלחמה האַלטען מיט די כינעזער און ווי ער איז געקומען צוריק אלס „זיעגער“. איך האָב איהם געזעהען ווען ער איז אַוועק מלחמה האַל־טען מיט די שוואַרצע הערראָס אין אפריקא און ווען ער איז געקומען צוריק. — איך האָב געזעהן דעם פראנצויזישען באָן זשאַן ווען ער איז אַוועק קעמפפען אין מאראקא און איך האָב געזעהען טאמיע אַטקינס, דעם ענגלישען סאָל־דאט, ווען ער איז אַוועק קעמפפען אנטקעגען די דייטשען און איך האָב איהם געזעהען און מיט איהם זיך אַ ביסעל דורכגעשמועסט, ווען ער איז צוריקגעקומען פאר עטליכע וואָכען אַ פערוואונ־דעטער אין לאָנדאָן. עס איז כמעט אונגלויב־ליך, אַז מענשען פון דעם זעלבען „קלאַס“, פון דער גלייכער „פּראָפעסיאָן“ זאָלען זיין אַזוי פער־שיעדען אין זייער גאנצער אינערליכער טבע ווי די דריי „ברידער“: „טאמיע“, „זשאַן“ און „אוי־גוסט“.

דער אינטערעסאנטעסטער פון דיעזע דריי „פיינע ברידער“ שיינט מיר איז „טאמיע אט־קינס“. ער איז אַ גאַנץ בעלי־בתישער מענש. ער רייכערט אַ קורצע לולקע און קוקט עפעס אַזוי תמ׳עוואטעדיג אין די בלויע וועלט אַריין. זיין ברודער זשאַן רייכערט אַ סיגארעט און הערר אויגוסט רייכערט אַ גראָבע ציגאר. וואָס איז די פסיכאָלאָגיע פון אַ קורצער פיפקע איז בעקאנט — דער מענש, וואָס רייכערט איהר, איז בכלל רוהיג און אָהן שטאַרקע ליידענשאַפטען, אָהן אַ שטאַרקען טעמפעראמענט. דער טערק, וועלכער האָט אַ הארעם און וועלכער איז אַ גרויסער בעל־תאוה —רייכערט אַ לאנגע פיפקע — דערפאר איז ער פויל ווי אַ טערק און בעוועגט זיך לאנגזאם ווי אַ טערק. זיין תאוה איז אַ

טאמיע אַטקינס.

שטילע, זי איז מעהר „ליריש“ ווי עפיש“ . . . אָבער זי איז דאָך גרויס און געוואלטיג. טאמיע רייכערט אָבער דוקא נאָר אַ קורצע פיפקע — איז דערפאר אָבער אויך טאמיע אַ מענש וועל־כער רעגט זיך קיין מאָל ניט אויף. זיין אינער־ליכעס לעבען איז אַזוי רוהיג — קאַלט און רונד ווי זיין פודדינג. ער רעדט ווייניג, ער דיינקט ווייניג און די לצים זאָגען, אַז ער דענקט

גאָר ניט. און טאַקי צו וואָס דאַרף טאמיע אטקינס דענקען ? דאגות האָט ער ניט, צרות אויך ניט און שמחות לאָזען איהם אויך גלייכגילטיג. זיין גאנצער וואָרט אוצר בעשטעהט פון עטליכע ווערטער : „אָלל רהייט“ און „נעווער מיינד“.

לֿע באָן זשאַן.

טאמיע איז בכלל אַ בעלי־בתישער מענש — ער איז אַ בעווייבטער. זיין פלונית’טע דיענט ביי א מאַדאַם פאר צוואַנציג פונט סטערלינג אַ יאָהר, און ער אַליין דיענט פאר זיין „קינג ענד קאָנטרי“.

ווייטער איז טאמיע אַ דזשענטעלמען. ער איז העפליך, ער ליעבט שטאַרק קינדער און ער איז ניט זעהר וויליג צו געהן אין מלחמה — דאָס הייסט, ער געהט, אַז מען הייסט איהם געהן, אָבער ער חלומ’ט ניט פון קריעג, פון גרויסע און געוואלדיגע שלאַכטען אַזוי ווי זיין ברודער זשאַן. ווארום זשאַן, זאָלט איהר וויסען ליעבט גלאָאר Gloire דאָס הייסט מלחמה־עהרע, אַזוי ווי ער ליעבט אַ גוטען „פרעפּאריטיף“, אַזוי ווי ער ליעבט אבסענט... (אַ שנעפּסעל). די מלחמה איז פאר איהם אַ גרויסעס געוואלטיגעס שפּיעל — אַ גרויסעס טהעאַטער. דערפאר רופט ער טאַקי דאָס שלאכטפעלד „טהעאטער־דע־גערר“, קריעגס טהעאטער. טאמיע אטקינס מיט זיין קורצער פּיפּקע חלומ’ט ניט פון גלאָאַר און ניט פון שלאכטען און ניט פון העלדישע טהאַטען — ער דענקט גאָר ניט פון מלחמה — ווייל ער דענקט גאָר ניט . . . . ער ווייס גאַנץ גוט, אַז ווען ער וועט אָבדיענען זיין „טערם אָף סערוויס“, דריי יאָהר אָדער צוועלף יאָהר, וועט ער ווערען אַן „אָפפישיאל“ מיט א זיכערער פרנסה, אַ פּאָליסמאַן, אַ גארד אויף די ריילוויי אָדער אַ שאפער ביי אַ רייכען לאָרד. ער וועט דאַן רוהיג לעבען און ער וועט ווייטער זיין קורצע פּיפּקע רוהיג רייכערן. פאַר איהם איז דאָס סאָלדאטען־לעבען אַ פרנסה — אַ אָרימע אָבער א רוהיגע פרנסה.

אָבער כאָטשבי טאמיע בעטראכט זיין פּראָפעסיע פאר אַ מין „סטאָר“, פאר אַ וואָכעדיגע ביזנעס, איז ער דאָך אַ גבור. ניט ווייל ער קעמפּפט ווי אַ העלד, נאָר ווייל ער איז אַ מענש קאטאריע וועלכער דערשרעקט זיך גאָר פאַר קיין זאך ניט, אפילו ניט פאר די דייטשע הארמאַטען. ער ווערט פשוט קיין מאָל ניט נתפעל. ער איז קאלט ווי אייז, רוהיג ווי אַ בר־מנן, האָט נערוועז פון דראט און אַ נשמה — פון האָלענדישען קעז — אָדער פון פודינג — פון דעם ענגליש - לאַנגוויילינען סאָלדאַטישען פודינג, וועלכער איז ניט זיס און ניט זויער און ניט ביטער. אין דער שלאַכט איז טאמיע אטקינ’ס א פעסטונג — אן אייזערנע וואַנד. אין דעם רעגען פון קוילען און שראפּנעללען שטעהט ער רוהיג און טהוט זיין אַרבייט — ער ציעלט רוהיג און גוט — און אַז ער פאלט, פאלט ער רוהיג, אַזוי ווי דער קויל וואָלט געטראָפען אַ ליימענעם גולם און ניט אַ מענשען. ער פאלט אָהן געשריי און אָהן סענטימענטאַליטעטען. נעמט מען איהם אין פּלען איז „נעווער מיינד“, ווערט ער פערוואונדעט איז אויך „נעווער מיינד“.

זיינע איצטיגע קאמעראדען אין פעלד — די זשאַנס — זיינען אַ ביסעל לעבהאפט, זיי כאַפּען זיך צו דער אָפענסיווע — צום אנגריף, זיי ווערען העלדיש — ניין, ווירקליך העלדען, ווען זיי זעהען נור דעם ערשטען צייכען פון א זיעג ; און זיי ווערען צוטומעלט און פּייג, ווען זיי זעהען דעם ערשטען צייכען פון אַ מפּלה. אַז זיי הייבען אָן צו לויפען, לויפען זיי ווי ווילדע מייז. פאר אזא סאָרט לויפען האָבען זיי אַ ספּעציעלען וואָרט „דערוט“. און אַז די דערוט הייבט זיך אָן, שרייען אלע אין ווילדען געטו־

מעל "סאָוו קי פּיי" (ראַטעוועט זיך ווער עס קען).

אָבער דער רוהיגער טאמיע איז ניט קיין ווילדער גבור אין דער אָפענסיווע און לויפט אויך ניט אַוועק ווען עס קומט צו אַ שטיקעל פּאַניק. ווארים ווער איז אים שטאַנד טאמיע אטקינס פון געדולד ארויסצוברייינגען? טאַ־מיע אטקינס שטעהט אין פעלד רוהיג — שיעסט רוהיג, ווערט דערשאָסען נאָך רוהיגער און באַ־שיצט איצט מיט זיין דינעם, מאגערן לייב די לעבהאפטע פראַנצויזישע ליניע, וועלכע האַלט זיך אין איין בעוועגען.

טאמיע אטקינס ציעהט אין מלחמה. ער פרעגט ניט וועמען געהט ער פייטען, פאַר וואָס און ווארום זאָל ער פייטען, ער פרעגט ניט אפילו ניט אַוואו מען וועט פייטען — אין וועל־כע לאַנד, אין וועלכע פּראָווינץ, נור ער הערט זיך רוהיג צו צו דעם אָרדער פון זיין אָפיציער, פערררייכערט וויעדער זיין קורצע פּיפּקע, זאָגט אַ גלייכגילטיגען „אָלל רהייט" אָהן כעס, און אָהן שמחה, אָהן גרויסע האָפנונגען און אָהן פערצווייפלונג. עס וועט שוין זיין אָלל רהייט. און טאָמער איז ניט געווען אָלל רהייט . . . . איז „נעווער מיינד".

צו זאָגען, אז טאמיע אטקינס איז אַ דיס־ציפּלינירטע בעשעפעניש איז צו זאָגען, אז די לבנה איז רונד. אָבער טאמיע אטקינס דיסציפּ־לין איז פארשיעדען פון דער דיסציפּלין פון דעם דייטשען סאָלדאַט, פון דעם דומען אויגוסט. טאַ־מיעס דיסציפּלין איז ניט אן איינגעלערענטע, נאָר אן איינגעבאָרענע, די דיסציפּלין פון דעם דומען אויגוסט איז „קולטור" — דאָס הייסט, אן ערוואָרבענע, אין „חדר" איינגעלערנטע. דער אונטערשיעד פון דיעזע צוויי פערשיעדענע דיס־ציפּלינען איז זעהר גרויס. טאמיע אטקינס איז אן אויטאָמאַט — ער דאַרף ניט קיין אונטער־אָפיציער כדי צו זיין ש ט ר א ם . . . אָבער דער דייטשער אויגוסט איז אַ מאַשין, וועלכע דאַרף די בעדינונג פון אַ מענשען — דערפאַר איז דאָ אין דייטשלאַנד אַ אונטעראָפיציער־פּעפּקע און אַ לייטענאַנט פּאַרסטער און אין דער ענגלישען אַרמיע זיינען דיעזע טיפּען ניטאָ.

אויב טאמיע וועט איצט זיין דער זיעגער, איז שווער צו זאָגען, ווייל ער פּאַסט ניט פאַר אַ מאַן פון דער „פראַנצויזישער יונגפרוי". טאַ־מיע אטקינס צוזאַמען מיט דעם דייטשען אונ־טער־אָפיציער האָבען געקענט ברעכען נאַפּאָ־לעאָן, אָבער אויב דורך די איצטיגע קאָמבינאַ־ציע פון טאמיע אטקינס מיט דער פראַנצויזישער מאַמזעל וועט מען קענען ברעכען דעם פּרייסי־שען אונטער־אָפיציער, איז אַ גרויסע פראַגע...

אָבער טאמיע צוברעכט זיך ניט דעם קאָפּ, וואָס עס וועט זיין. די דאגות איבערלאָזט ער זיינע דיפּלאָמאַטען. ער שטעהט ווי אַ גראַ־ניטנע וואַנד און שיסט און רויכערט גלייכגיל־טיג זיין קורצע ליולקע.

דאגעגען איז דער פראַנצויזישער באַן זשאַן שטאַרק בעזאָרגט וועגען דער צוקונפט. וואָס וועט זיין, אז ער וועט ניט מיטברייינגען קיין „גלאָאַר"? וואָרום צו וואָס איז ער געגאַנגען אין דער שלאַכט? ווייל ער איז עפּעס אויף עמיצען בייז, ווייל ער וויל דאָס טאַקע, אז פראַנקרייך זאָל האָבען נאָך פראָווינצען און נאָך קאָלאָניעס? — חס וחלילה. אין פראַנקרייך



דער דומער אויגוסט.

וואָלטען נאָך געקענט לעבען צעהן מיליאָן מענ־שען און די פראַנצויזישע קאָלאָניעס זיינען פול פון איטאַליענער, שפּאַניער, פּאָרטוגעזען, דייטשען, אידען, נור ניט פון פראַנצויזען, ווייל דער פראַנצויז עמיגרירט ניט, דען ער קען אין פראַנקרייך אַליין גוט און שעהן לעבען. אָבער זשאַן האָט שטאַרק הנאה פון קריעג — דאָ איז עפּעס אַ „טשענזש", דאָ איז לעבען, לעבעדיג, פרעהליך. ווען דער „מער" פון אַ פראַנצויזישען דאָרף רופט אויס די בשורה: „מאָבּיליזאַסיאָן זשענעראַל", צוטאַנצט זיך זשאַן פאַר שמחה

אַ, ווי וועט עס Oh, comme ce fera gai! — פרעהליך זיין! אין קריעג האָט דאָך עפּעס זשאַן די גרויסע געלעגענהייט צו בעווייזען זיינע שטיקלאָך און קונצען. וואָרים זשאַן, זאָלט איהר וויסען, איז מזיק א בחור. ער איז פלינק, ער איז לעבהאַפט, ער שפּרינגט און טאַנצט און האָט גוטע איינפאַלען — א מאָל זאָגאַר געניאַלע איינפאַלען. זיין גייסט איז אונרוהיג און לעבהאַפט, און זיין טעמפּעראַמענט איז עפּעס א טאַנצענדיגער. ווי אָפט איבערראַשט ניט זשאַן זיין אָפיציער מיט א העלדענשטיקעל, מיט א גאָנ'נישען איינפאַל?

זשאַן רויכערט א דינעם סיגאַרעטעל. די פּסיכאָלאָגיע פון א סיגאַרעט איז אויך בעקאַנט. קענט איהר זיך עפּעס פאָרשטעלען א גראָבען דייטש מיט זיין שווערען גאַנג רייכערענדיג א קליינע דינע סיגאַרעטעל? אין דער וועלט פון טאַבאַק און רויכערן איז דאָך די סיגאַרעט די צאַרטע, פלינקע בעשעפענים. דער דייטש קען נור א ציגאַר רייכערן. און דער ציגאַר איז שוין דאָ א גבורה, א גראָבקייט און א סך „בעליבתיש'קייט". צו דער ציגאַר געהערט שוין טאַקע א גלאָז ביער — און ביער טרינקט מען אין רוהע... זשאַן טרינקט אַבסענטה — א קליינע, שעהנינקע גלעזעלע. אַבסענטה איז א שאַרפער געטראַנק פאַר'ן האַלז — ביער איז א קאַלטער געטראַנק פאַר'ן מאָגען. אַבסענטה איז א געטראַנק פאַר א „גע'שמד'טען האַלז" — געניסען שנעל דעם שעהנעם געשמאַק — שנעל און גוט — ראַפּינירטע בעלי תאוות טרינקען אַבסענטה. אַזאַ מענש קען גאָר קיין ציגאַר ניט רויכערן — דאָס איז צו לאַנגזאַם. אָבער א סיגאַרעטעל — פּוּף־פּוּף — אויסגערויכערט און ווייטער געלאָפען. אַזאַ שנעלער און בעוועגליכער מענש איז בכלל א גוטער מענש. ער ווערט גיך אין כעס און לאָזט זיך גיך איבערבעטען. מען מוז נור צוזעהן א פראַנצויזישען דועל, וועלכער ווערט מיט דער קורצער ראַפּידע אויסגעפאָכטען — א פעכט, א שטאָך, א רוק — אַביסעל בלוט — א קליינע וואונד און די צוויי געגנער זיינען ווידער גוטע פריינד. אין דייטשלאַנד, אין דעם לאַנד פון ביער, וואו מען טרינקט אין שווערע גלעזער, און אין דעם לאַנד פון די גראָבע ציגאַרען, קעמפּפט מען טאַקע א דועל מיט שווערע קאַוואַלעריע־שווערטען און גוט־פריינד ווערען שוין די געגנער קיין מאָל ניט.

דער שווערער דייטש איז ניט אַזוי פלינק, אָבער ער איז שווער אין זיינע געדאַנקען און געפיהלען און איז ניט אַן אויגענבליקס־מענש, ווי דער פראַנצויז. נור ער דענקט און רעכענט זיך שוין מיט דער צוקונפט. ער, דער דומער אויגוסט, רויכערט זיין גראָבע ציגאַר אַזוי רוהיג, אַזוי ווי טאמיע זיין קורצע פּיפּקע, אָבער ער דענקט ביים רויכערן, ער דענקט ביים שיסען און ער שיסט ניט וועגען „גלאָאַר", ווי זשאַן, אָדער ווייל ער בעטראַכט דאָס שיסען אַלס „פּאַרט ענד פּאַרסעל" פון זיין בעשעפטיגונג, נור ווייל ער דיינקט פון זיין פאַטערלאַנד און פאַר זיין פאַטערלאַנד, און ווייל ער פיהלט א האס אנטקעגען דעם מיט וועלכען ער האַלט מלחמה.

דער „דומער אויגוסט" איז שוין גאָר קיין שוטה ניט. אַזוי ווי ער רויכערט זיין ציגאַר מיט א סיסטעם (טאַמער זעהט ער, אַז די ציגאַר ברענט נור אויף איין זייט, צינדט ער זי באַלד אויף דער אַנדער זייט אָן), אַזוי שיסט ער מיט א סיסטעם. ער איז ניט קיין געבוירענער שיסער און פייטער ווי זשאַן — ער איז בכלל א ביסעל שווערפעליג און וויל זיין מנוחה, אָבער ער איז געגאַנגען לאַנג אין חדר פון שיסען און האָט די „ערדעלע מלאכה" זעהר גרינדליך געלערנט. אַפילו זיין דיסציפּלין איז אַן אויסגעלערנטע און ניט אַן איינגעבוירענע, ווי ביי טאמיע אַטקינס, און אויך די דיסציפּלין האָט ער זיך אין חדר פון דעם פּרייסישען אונטעראָפיציער גוט אויסגעלערנט... ווען „אויגוסט" וואָלט געהאַט אַן איינגעבוירענע דיסציפּלין, ווי טאמיע, וואָלט ער קיין „אונטעראָפיציער" ניט בעדאַרפט...

און אַט דיעזער שווערפעליגער און גרינדליכער אויגוסט שטעהט אויף דעם קריעגס־פעלד אין א טיעפען גראָבען און זינגט ליעדער — שעהנע, שווערע און אָפט מעלאַנכאָלישע ליעדער. אָבער ווען ער שטעהט ביי דער ארבייט איז ער א חיה. וויבאַלד דאָס שיסען הערט אויף, איז ער ווידער א מענש און זינגט ווידער ליעדער (נור אמת גוטע מענשען קענען זינגען און ליעבען געזאַנג). אויגוסט, ווי איך קען איהם, איז א גוטער ברודער און אַן עהרליכער ברודער, נור ער האָט איין גרויסען חסרון: ער טהוט זיין פּפליכט צו גוט. שיקט מען איהם איינגעהמען נאַמור, צוקלאַפּט ער די געוואַלדיגע פעסטונג אין דריי טעג; שיקט מען איהם איינגעהמען מאַבעזש, צוקלאַפּט ער די גרויסע פעסטונג אין זיעבען טעג; און שיקט מען איהם איינגעהמען אַנטווערפּען, צוקלאַפּט ער זי אין צעהן טעג. און צוקלאַפּט זי אַזוי גרינדליך און מיט אַזאַ סיסטעם, אַזוי ווי ער טרינקט זיין גרויסע גלאָז ביער—ביז צום לעצטען טראָפּען...

„אויגוסט" טהוט זיין פּפליכט צו גוט און צו גרינדליך — דערפאַר איז די וועלט אויף איהם אין כעס.

אָבער אויגוסט'ס תורה הויבט זיך אָן אַזוי: בראשית, צו ערשט האָט גאָט בעשאַפען די פּפליכט...

טאמיע איז א קוריאָזנער טיפּ, זשאַן א שעהנער טיפּ, אָבער אויגוסט איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. ער איז אפשר ניט אַזוי סימפּאַטיש ווי זשאַן, דערפאַר איז ער אָבער געזעצטער פאַר זשאַנ'ען און מעהר מענש פאַר טאמיע'ן...

ל. פעלדשטיין.

פראַנק וועדעקינד

(צו זיין 50 יעהריגען יובילעאום).

עס איז פאַרהאַן אין דייטשלאַנד א דיכטער, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פיהרען פון די פאַרשריפטען פון די ליטעראַטור פּראָפעסאָרען, איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג און געפּרובט שאַפען א דראַמע, וואָס איהר טענדענץ געהט להיפוך דער אָנגענומענער בירגערליכער מאָראַל. דער דיכטער הייסט פראַנק וועדעקינד.

פראַנק וועדעקינד.

אין זיין יוגענד איז איהם אויסגעקומען זיך צו בעקענען גאָר נאָהענט מיט דעם שמוץ פון לעבען. ער איז שיער אליין ניט דערטרונקען געוואָרען אין די פעראונרייניגטע טייכען, וואָס פליסען ביי סאַמע ראַנד פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. ער האָט זיך אָנגעהערט די ווילדע קללות און די פערשטיקטע זיפצען פון די, וואָס פלאַגען זיך אין דער אונטערוועלט, און ווען ער האָט זיך פון דאָרט ארויסגעריסען, האָט ער די קללות און די זיפצען א שליידער געטהאָן דער מענשהייט אין פנים אריין.

געבוירען דעם 24טען יולי פון 1864 אין האַנאָווער, (דייטשלאַנד), האָט ער שוין פריה געמוזט פערזוכען דעם טעם פון נויטה. נאָך גאָר יונג איז ער געקומען אין צוריך און האָט דאָ געפּרובט פערשיעדענע מלאכות אום צו קענען א לעבען מאַכען. ער האָט זיך בעקאַנט מיט דער „באָהעמע“, מיט די ליטעראַרישע טרעמפּס, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאַפט פון דעם בעקאַנטען אנאַרכיסטישען דיכטער עריק מיהזאַם. אונטער זיין איינפלוס האָט ער אויך אָנגעהויבען שרייבען. — צוערשט האָט ער געשריעבען געדיכטע און סאַטירען, דאַן האָבען ביידע געגרינדעט א ליטעראַרישען קאַבאַרעט, פאַר וועלכען וועדעקינד האָט געשריעבען קליינע סצענען און איינאַקטער. מיט דער צייט האָט זיך אין איהם אַלץ מעהר געשטאַרקט די דיכטער־קראַפט און ער האָט אויך אָנגעהויבען שרייבען גרעסערע דראַמען.

וואָס ער דערצעהלט אונז אין זיינע דראַמען איז אונמעגליך איבערצוגעבען. דאָס זיינען מענשליכע דאָקומענטען, שטודיעס איבער „עקאָנאָמיע“, איבער „אויסגעלאַסענהייט און פּראָסטיטוציע“, איבער „נויט“, איבער דער לאַגע פון די אָרימסטע פון די אָרימע.

וועדעקינד איז מיט זיי געוועזען און קען זייער לעבען, ווי קיין אנדערער. אָבער מערקווירדיג: וועגען זייער שרעקליכער נויטה און אונמענשליכען שמערץ דערצעהלט ער ווי איינער, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזען אין א פאַנטאַסטיש לאַנד, געטריעבען פון אַוואַנטוריזם. ער רעדט דאַרום מיט התפעלות וועגען די געהיימע און מיאוסע אינסטינקטען, וואָס שאַפען דעם צויבער פון דער אונטערוועלט. ביז היינט האָט מען פון די דאָזיגע זאַכען גערעדט מיט א האַלבען מויל, מ'האָט מורא געהאַט זיי דייטליך אָנצורופען, מען האָט זיך געהיט מיט זיי ווי מיט א גניבה; ער רופט זיי ביים נאָמען, ער הייסט זיי אַליין רעדען הויך, שרייען; דען, זאָגט ער, דאָס אַלץ איז מענשליך.

די ערשטע צייט האָט מען איהם אויסגעלאַכט און פערשריען אַלס אונמאָראַליש, די

טהעאטערע וואָס האָבען געוואגט איהם שפּיעלען האָט מען באָיקאָטירט, די יוגענד, וואָס האָט זיינע ווערק פּראָפּאַגאַנדירט, האָט מען געהאלטען פאר פערלוירען. די פּרייסישע צענזור איז אויך ניט געשלאָפען און האָט געהאלטען כסדר אין אונטערדריקען און קאָנפיסקירען זיינע ווערק.

עס איז אָבער א כלל, אז די מעהרסטע אונטערדריקטע און פערלאכטע ווערען באלד רעאביליטירט און פערהערליכט. געוועהנליך טהוט עס דער געזונדער פאָלקס־אינסטינקט, וועלכער פערשפּירט אין דעם פערשפּאָטעטען דיכטער א געקנעכטעטען טאַלענט. אויך מיט וועדעקינד איז דאָס געשעהן, אָבער אויף אן אנדער וועג: דער בעקאנטער געניאלער רעזשיסער און טהעאטער־דירעקטאָר מאַקס ריינהארט האָט זיך פּעראינטערעסירט מיט זיינע ווערק און זיי מיט דער גרעסטער זאָרגזאמקייט אויפגעפיהרט, און היינט ווערט וועדעקינד, נעבען הויפּטמאַן, פעררעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע דראמאטורגען פון דייטשלאַנד.

אין אויסלאנד האָט מען זיך יעצט אויך פּעראינטערעסירט מיט דעם אונגעוועהנליכען טאַלענט און פיעלע אויסלענדישע טהעאטערע האָבען זיך פארנומען מיט זיינע ווערק. די ענגלישע „קאמברידזש“ אוניווערזיטעט האָט איהם בעשאָנקען מיט'ן טיטעל עהרענדאָקטאָר און צולעצט זיינען געקומען גרויסע ליטעראטור־פּראָפעסאָרען און האָבען איהם אָנגעהויבען שטודירען און שרייבען וועגען איהם געלעהרטע אָבהאַנדלונגען.

* * *

זיין קונסט איז אונמעגליך צו צורעכנען צו א געוויסער קינסטלערישער אָדער סאָציאַלער ריכטונג, זי איז ערנסט און קאָמיש, טרויריג און האָפנונגספול, און דיעזע מעלות פון זיין שאפען מאכען וועדעקינדען פאר דעם מייסטער פון דער טראגי־קאָמעדיע. זיין פּאטאס געהט לייכט איבער אין ציניזם. אין די פייערליכסטע ווערטער שפּירט מען א בעהאלטענעם אָבלאַכען און חוזק־מאכעריי. אָבער נאָך דעם אלעמען איז פאַרהאַן אין זיינע ווערק מענשליך געפיהל מעהר ווי אין פיעלע האַרצרייסענדע און שרייענדע טראגעדיעס. אויך פערמאָגען זיינע ווערק א פיינעם, גייסטרייכען וויץ, וואָס איז פּארדעקט ווי מיט א נעבעל. דארום קלינגט ער אָפט פערביטערט און מעלאנכאָליש. ער איז וועניגער סענטימענטאַל, ווי די מעהרסטע היינטיגע דייטשע דיכטער, אָבער ער איז אויך ניט טרוקען, זיינע ווערק טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון א וועלט־געפיהל, א געפיהל וואָס זוכט ארומצונעהמען דאָס גאנצע זיין....

די טעכניק, די מיטעל, וועלכע ער געברויכט צו זיין ארבייט, זיינען ווייט פון פאָלקאָמענהייט, זיי זיינען פּרימיטיוו, און דאָך רופען זיינע ווערק ארויס טיעפע ערשיטערונג: און לאָזען איבער א דויערנדען איינדרוק. ווען מען הויבט אָן צו לעזען זיינע ווערק, דוכט זיך, אז מען האָט צוטהאָן מיט א דורכשניטליכען טאַלאַנט וואָס קליידט מיט א כיון זיינע געדאנקען אין משונה'דיגע פאָרמען. דעמזעלבען געפיהל האָט מען פון אָנפאַנג, ווען מען זיצט אין טהעאטער ביי דער אויפפיהרונג פון זיין א פּיעסע. עס דוכט זיך, אז די מענשען זיינע זיינען פּרימיטיווע געצייכענטע לאַלקעס, וואָס ווערען ערשט לעבענדיג אין דער היץ פון שפּיעל.

ערשט שפּעטער דרינגען די ווערטער אריין טיעף אין אונזער נשמה, נעהמען ארום אונזער הארץ און מאכען ציטערען אונזער גאנצען קערפּער. דאמאָלס זעהען מיר ווי א געוועהנליך טעגליך געשעהענים, אונטער דער האנד פון א גרויסען דיכטער, ענטוויקעלט זיך צו א גרויסער הארצרייסענדער טראַגעדיע. —

וועדעקינד איז איינער פון די מערקווירדיגסטע מענשען אין דעם היינטיגען דור; ער זעהט פאר זיך א געוויסען ציעל און צו דעם ציעל געהט ער מיט פעסטע טריט. די היינטיגע מאָראַל שיינט איהם צו זיין אָבגעלעבט, פיליסטערהאפט און הויפּטזעכליך ליגנעריש, ער זעהט אין היינטיגען עטישען לעבען צוויי פּנים'דיגקייט און דיעזען צושטאַנד זוכט ער אָבצושאַפען אָדער ער וויל ווענינגסטענס די מענשען אויפקלעהרען וועגען דעם.

ווי די מעהרסטע פון די מאָדערנע דיכטער, בעשעפטיגט זיך וועדעקינד זעהר פיעל מיט דער פרוי, מיט'ן געשלעכטס־פּראָבלעם. ער האָט געשאפען א ספּעציעלען זשאַנר פרויען, דעמאנישע, אבנאָרמאַלע, וואָס שפּיעלען מיט דעם מאַן, ווי מיט א באָל, און פיהרען איהם צום אבגרונט. זיין לולו, די העלדין פון דער דראמא „ערדגייסט“, איז די פערקערפּערטע שלעכטיגקייט און פערדאָרבענהייט. לולו געניעסט דאָס לעבען מיט פולער האנד און שפּיעלט מיט די מענער, כדי שפּעטער זיי אין אבגרונט צו ווארפען. וועדעקינד'ס איבריגע פרויען־געשטאַלטען זיינען לולו'ס שוועסטערן, אלע זעהען זיי נאָר איין צוועק פאר די אויגען: גענוס. וועדעקינד האסט די היינטיגע געזעלשאפט, איהר מאָראַל און איהר שקלאפישעם ליעבעס־לעבען. — ער געפינט נישט אין דער בירגערליכער געזעלשאפט קיין שום ליעבע, אלעס איז עגאָאיזם אלס אייגענליעבע... (דאָס ערוואכען פון פריהלינג). דיעזען שענדליכען צושטאַנד וויל וועדעקינד ענדערען; דאָס היינטיגע פאמיליען לעבען איז פערפוילט, פערשימעלט, ער וויל פרייע ליעבע צווישען פרייע מענשען. קולטור־אינסטיטוציאָנען ווערען איינגעפיהרט, כדי זיי זאָלען ווידער פערשווינדען, די מענשהייט וועט די פאמיליע איבערלעבען, אזוי גוט ווי זי האָט די שקלאפעריי איבערגעלעבט. דער פרייער ליעבעס־מארק איז דער העכסטער נאַטור־געזעץ, (דער „טויטענטאַנץ“), און צו דעם

וועט מוזען קומען. — זעלבסטפערשטענדליך חלום'ט וועדעקינד וועגען א אידעאלער ליעבע, וואס זאל די מענשען בעפרייען און גליקליך מאכען.

פעראכטענדיג די בירגערליכע מאראל אין דאס היינטיגע ליעבעס־לעבען, איז וועדעקינד קאנסעקווענט און שרעקט זיך ניט אפ פאר גע־קויפטע ליעבע, ער נעהמט אונטער זיין שוץ די פראסטיטוציע, ער פערלאנגט נור אנדערע פארמען, ריינערע, אידעאלערע און פאר די נייע פארמען שטעלט ער זיך איין מיט זיין גאנצער קראפט.

אז די דאזיגע אנזיכט און איבערהויפט וועדעקינד'ס לעבענס־אנשויאונג, וועלכע איז נאהענט צום אנארכיזם, איז פאלש, דארף דא נישט בעוויזען ווערען. וועדעקינד איז אונז טייער אלס קינסטלער, ניט אלס דענקער.

* * *

וועדעקינד האט געשריעבען א סך דראמען. מיט אלע זיך צו בעשעפטיגען וואלט פערנומען צו לאנג. מיר וועלען זיך בעגנוגענען מיט זיינע הויפט־דראמען, דען דיעזע דראמען פערקערפע־רען אין זיך אויך די הויפט־אידעען פון זיין קונסט.

„דער ערדגייסט" האט איהם בעריהמט גע־מאכט און אריינגעפיהרט אין טהעאטער. לולו, די העלדין פון דער טראגעדיע, איז דער טייפעל, וואס צושטערט אלץ ארום זיך אום צו קענען געוועלטיגען, אבער הויפטזעכליך אויס שלעכ־טיגקייט. זי האט ניט קיין טאטען, קיין מאמען, זי שטאמט פון דער גאס, פון רינשטאק און פון דארט האט זי דר. שעהן, בעצויבערט פון איהר שעהנקייט, צו זיך אין הויז גענומען, ער־צויגען און געוואלט פאר א לייט מאכען. ער שיקט זי אין אן אינסטיטוט, ער לאזט זי שטו־דירען. שפעטער, ווען זי ווערט גרעסער, צינדט זיך אין איהם אן א ליידענשאפטליכע ליעבע צו איהר. זיין פרוי שטארבט פאר צרות און דר. שעהן זוכט א מיטעל, כדי זיך פון דעם טייפעל צו בעפרייען. ער מאכט זי חתונה מיט אן אלטען מאגנאט און וויל פריי אבאטהעמען, אבער נור פאר א קורצע צייט. לולו לאזט זיך פון אלעמען בעוואונדערען און ליעבען. מאנכע ווארפט זי צו א חנ'דעל, אבער ליעבען ליעבט זי נור דר. שעהן. זי צווינגט איהם אין איהרע ארעמס אריין. ער איז נישט בכח זיך איהר אנטקעגען צו האלטען. ניין, ער קען זיך פון דעם דעמאן נישט בעפרייען. איהר מאן, דער אלטער מאגנאט, שטארבט פון הארצשלאג, ווען ער ווערט געוואהר פון איהר נישט ריינעם לע־בען. זי האט נאך א מאל חתונה מיט דעם מאלער, וועלכער פלעגט זי מאהלען. דורך איהרע בילדער, וואס שפריצען מיט שעהנקייט, ווערט ער א מיליאנער. אבער לולו איז מיט איהם נישט צופריעדען. זי האט ליעב דר. שעהן און איהם וויל זי האבען...

דר. שעהן, כדי צו זיין געבונדען, זוכט זיך אויס א כלה. אבער אויך דאס העלפט ווייניג. איין מאל אין אן אבענד, ווען לולו טרעט ארויס אויף דער ביהנע אלס טענצערין און דאס פוב־ליקום ווערט פשוט משוגע פאר בעגייסטערונג, צווינגט זי דר. שעהן צו שרייבען דער כלה אן אבזאג־בריעף. זי האט איהר ציעל עררייכט. זי האט חתונה מיט דר. שעהן, אבער זי גיט נישט אויף איהר אויסגעלאסען לעבען. צו איהר אין הויז קומען פיעלע יונגע לייט, וואס ליעבען זי, און לולו איז צו זיי גנעדיג און לאזט זיך ליעבע שווערען. צווישען די פערליעבטע געפינט זיך אויך דר. שעהנ'ס זוהן אלווא, וועלכער רייצט זי אם מייסטען. זי נארט דעם פאטער מיט דעם זוהן און עס קומט דער אונ־פערמיידליכער סוף: איינמאל בשעת א ליע־בעס־סצענע פון דער שטיף־מוטער מיט'ן שטיף־זוהן קומט אן דער פאטער. ער וויל זי דערשיעסען, אבער זי כאפט ארויס דעם רע־וואלווער פון זיין האנד און טויטעט איהם. דאס איז דער סוף פון ערשטען טהייל.

דאס שיקזאל פון לולו האט דעם דיכטער אזוי גערייצט, אז ער האט אויך געשריעבען א צווייטען טהייל. מיר ווערען געוואהר, אז לולו איז אריינגעפאלען אין געפענגנים און אז פון דארט האבען זי איהרע פריינד, די גרעפין דאל־וויטץ, א היסטעריש סעקסועל־פערדארבענעס ווייב, און אלווא שעהן, וועלכער האט גע־ירש'נט א גרויס פערמעגען נאך זיין פאטער. נאך פיעל אנשטרענגונג און מיה בעפרייט. זיי פאהרען קיין פאריז, דאן אין לאנדאן, פערשווענדען דאס פערמעגען און לעבען דאן אין גרעסטער נויט. זיי וואוינען אויף א בוידעם און ליידען הונגער און קעלט. לולו ווערט א פראסטיטוטקע פון נידריגסטען סארט, חבר'ט זיך מיט דעם אבפאל פון דער געזעלשאפט, מיט גנבים, מערדער און קאדעטען. אלווא שעהן איז געצוואונגען דעם שמוציגען לעבען מיטצולעבען. צום סוף דער־בארימט זיך דאך דער שיקזאל איבער איהם. — א גאסט, א לוסט־מערדער דער־הרג'עט זי, כדי זיינע ליידענשאפטען צו שטילען. דאס איז דער סוף פון דער געפייערטער שעהנהייט און דאס איז דער שיקזאל פון אלע מענשען — זאגט וועדעקינד אין דעם פראלאג פון דער טראגעדיע.

זיין צווייטע בעריהמטע טראגעדיע איז: „דאס ערוואכען פון פריהלינג". מיט א בייסענ־דער סאטירע שילדערט דא וועדעקינד די היינ־טיגע קינדער־ערציהונג. ער פיהרט אונז אין די שוהלע, ער ווייזט אונז די היים, ער מאלט דאס פערהעלטניס פון די קינדער צווישען זיך, און אומעטום זעהט ער נור חסרונות.

ער ווייזט ווי „דאס לעבען איז ניעדער־טרעכטיג", ווי „די שעמעדיגקייט ווערט גע־

בוירען דורך די שלעכטע ערציהונג", ווי די קינדער געהען צו גרונד ווייל זיי ווערען נישט גענוג פריה סעקסועל אויפגעקלערט, ווי דאס גאנצע היינטיגע לעבען איז איין קייט פון אונמענשליכקייט און געמיינהייט. ביי אזעלכע אומשטענדען זיינען די קינדער געצוואונגען זיך אליין צו ערציהען און עס איז גאר קיין וואונדער ניט, אז זיי קומען אויף שלעכטע וועגען. די קליינע ווענדעל פרעגט ביי איהר מוטער: „פון וואנען נעהמען זיך קינדער"? די מאמע מאכט א פערשעמטע מינע, קוויינקעלט זיך, רעדט אהין אהער ביז זי ענטפערט: „אז מען האט א מאן און מען האט איהם זעהר, זעהר ליעב בעקומט מען א קינד". זי גלויבט און איז איבערצייגט, אז דאס איז אמת. שפעטער, ווען זי ווערט שוואנגער פון קליינעם מעלכיאר, וועלכער האט זי געקושט און געהאלובעט אויף דעם היי־בוידעם, פערשטעהט זי דאס גאר נישט. „איך האב איהם דאך גאר נישט ליעב— טענה'ט זי — נור דיך, מאמענקו, האב איך זעהר ליעב, נור דיך! איך האב דאך קיין מאן און איז עס מעגליך, אז איך זאל בעקומען א קינד"?

דורך די פאלשע און ליגנערישע אויפקלעהרונג געהט דאס קינד צו גרונד. נישט בעסער געהט עס אויך די אנדערע קינדער. אין דער טראגעדיע מאהלט וועדעקינד א גאנצע גאלעריע מיט קינדער, וואס זייער איינציגער אומגליק איז די פערדארבענע און ליגנערישע סביבה.

זיינע איבריגע דראמען: „אזוי איז דאס לעבען", „מוזיק", „אאהא", „פראנציסקא" און אויך זיין לעצטע דראמא „סימסאן" (שמשן) און נאך פיעלע, פיעלע אנדערע בעהאנדלען גאר פערשיעדענע טהעמען, אבער די טענדענץ, דאס ציעל איז דיזעלבע — ארונטערצורייסען די מאסקע פון שקר.

* * *

ווי שוין געזאגט, בעשולדיגט מען וועדעקינד'ס שאפען אין פארנאגראפיע, אין אונמאראלישע טענדענצען. וועדעקינד ענטפערט דערויף אין זיין טראגעדיע „דאס ערוואכען פון פריהלינג": „איך בעט אייך ווייזט מיר וועניגסטענס איין אונמאראלישען זאץ אין מיינע ביכער, איך האב קיין אנדער זאך ניט געשריעבען ווי נור דאס וואס איז יעדען בעקאנט. איך בעט מיר אנצואווייזען איין איינציג פלאץ וואו איך בין ארויסגעטרעטען געגען א הייליגקייט". די מאראליסטען האט ער ניט איבערצייגט, זיי האבען נאך מעהר געשריגען און געוואלטעוועט און וועלען ניט אנטשוויגען ווערען, ביז א אנדער צייט וועט קומען, ווען מיר וועלען פון די מאראליסטען אויסגעלייזט ווערען.

ש. ראבינאוויטש.

צווישען די ענגלישע זשורנאלען

די צייטונגען האבען ניט לאנג דערצעהלט אן אינטערעסאנטע געשיכטע:

א גענעראל איז געזעסען פערטיעפט אין מלחמה־פלענער, האט מען איהם פלוצלונג אנגעזאגט די טרויעריגע נאכריכט, אז זיין זוהן איז דער־הרג'עט געווארען אויפ'ן שלאכטפעלד.

דער גענעראל איז מיט א מאל אזוי ווי צומישט געווארען. ער איז געבליבען בעוועגלאז, פערשטיינערט. דיעזער צושטאנד האט אבער אנגעהאלטען בלויז איינינגע מינוטען. דער גענעראל איז שנעל געקומען צו זיך, בעדאנקט דעם סאלדאט וועלכער האט איהם געבראכט די בשורה און זיך געווענדעט צו די דערבייאיגע אפיציערען: „מיינע הערען, לאמיר אנגעהן מיט אונזער ארבייט. אלזא, וואו האלטען מיר?"

און דער גענעראל מיט די אפיציערען האבען זיך וויעדער פערטיעפט אין זייער ארבייט.

דעם גענעראל'ס פרוי איז מסתמא שיער ניט משוגע געווארען פון הארץ־וועהטאג. ווען זי האט דערהערט אז איהר זוהן לעבט שוין ניט מעהר פאר איהר האט די זון אויפגעהערט צו שיינען, פינסטער איז געווארען די וועלט. און יאהרען, אפשר צעהנדליגע יאהרען, וועלען ניט אויסמעקען פון איהר זכרון דעם גרויסען אונגליק, דער טויט פון איהר זוהן.

פארוואס אונטערשיידען זיך אזוי שטארק דער גענעראל און זיין פרוי אין בעצוג צו דעם טויט פון זייער ליעבען זוהן?

איז דאס דערפאר וואס דער בראווער גענעראל האט שטארקע נערווען? אדער דערפאר וואס זיינע פפליכטען צום פאטערלאנד שטעהען ביי איהם העכער, ווי דער אייגענער, פערזענליכער גליק אדער אומגליק?

ניין, דער אונטערשיעד אין די בעציהונגען צום טויט פון זייער זוהן ליעגט ניט אין דעם, וואס ער איז א פאטריאטיש־בראווער גענעראל און זי איז א פרוי מיט שוואכע נערווען. עס ליגט אין דעם וואס ער איז ער, א מאן, און זי איז א פרוי, א מוטער, און דאס קינד איז אויסגעקנעטען פון א י ה ר ע בלוט און פלייש. און ווען דאס קינד'ס בלוט גיסט זיך אויפ'ן שלאכטפעלד — גיסט זיך עס איהר בלוט, און ווען איהר זוהן'ס לעבען ווערט אויסגעלאשען, דאן לעשט זיך עס אויס אויך איהר אייגען לעבען.

אין דיזען זינן שרייבט וועגען דעם אין „סענטשורי“ אליוו שריינער, די בעריהמטע שריפטשטעלערין. זי שרייבט אן אינטערעסאנ־טען ארטיקעל וועגען דעם נ א ט י ר ל י כ ע ן, פיזישען אונטערשיעד צווישען ז י און ע ר, —דער אונטערשיעד וואָס וועט אויף אימער פערבלייבען און וואָס פיהלט זיך אזוי טראגיש, אזוי שרעקליך אין די בלוטיגע מלחמות.

אליוו שריינער איז פעסט איבערצייגט, אז ווען די פרויען וואָלטען געהאט א דעה אין מלחמה־ענינים, וואָלט עס קיינמאָל ניט דער־גאנגען צו דעם וועלט־חורבן, צו דער אלוועלט־ליכער טראגעדיע וואָס מיר לעבען איבער אין יעצטיגען מאָמענט. די מענער ווייסען ניט די ווערדע פון א מענשען׳ס לעבען און דעריבער איז ביי זיי רעכט צו אָפּפערען מיט צעהנדליגע טויזענדער לעבענס. די פרויען אָבער וואָלטען בשום אופן ניט דערלאָזען די שוידערליכע בלוט פארגיסונגען, די וואהנזיניגע בוטשעריי פון זייערע קינדער, זייער א י י ג ע ן פלייש און בלוט.

איהר מענער — זאָגט די שרייבערין — איהר פּראָדוצירט עס די שווערדען, די ביקסען און די קאַנאָנען, אלערליי געצייג, מיט וועלכע מען קען פערניכטען וואָס מעהר לעבענס. „מיר אָבער האָבען בעשאַפען די מענשען, וועלכע פערניכטען און ווערען פערניכטעט. מיר האָבען פּראָדוצירט... די הויפט אמוניציע...“

די פרויען טראָגען דעם שווערסטען יאָך פון די מלחמות, זיי ליידען מעהר פון אלעמען און פאַרליערען מעהר פון אלעמען. דאָס לעבען פון א פרוי איז פול מיט שרעק נאָך בעפאָר דאָס קינד ווערט געבוירען און נאכהער ביי דער געבוירט און נאכהער אָהן אויפהער ביים ערציהען דאָס קינד. די פרוי שטעהט אוים די שרעקען פון טויט פיעל מעהר ווי דער סאָלדאט אויף׳ן שלאַכטפעלד. די פרויען ליידען שרעקליכע יסורים און שטאַרבען אויך גאנץ אָפט אין דעם מאָמענט פון געבורטה פון דעם קינד. קען מען דען בעשרייבען אלעס וואָס א פרוי לעבט אי־בער? און מיט איין מאָל, מיט איין מאך פון א פעדער, ווערט איהר גאנצע בלוטיגע מיה, איהר טרייסט, איהר האָפנונג צושמעטערט, פערניכטעט.

„די פרויען זיינען געגען מלחמה, ניט ווייל זיי פעהלט קוראזש... פרויען אין אלע צייטען פלעגען קענען בעגעגענען דעם טויט מיט אזא מוטה, ווי נאָך קיין סאָלדאט האָט ניט ארויסגעוויזען... פאר פרייהייט זיינען זיי בערייט צו קעמפפען מיט אזא העלדישקייט, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט. זיי ווע־לען אָבער ארויסטרעטען געגען די וואנזיניגע מלחמות, ווייל זיי ווייסען „די היסטאָריע פון מענשען־פלייש.“

און אליווער ברענגט דעם פאָלגענדען ביי־שפּיעל :

„שטעלט זיך פאָר, אז מען באָמבארדירט דעם שונא׳ס א שטאָדט, די ארמעע קוקט אויף גאָר נישט. זי צושמעטערט און פערניכטעט די היילינסטע זאכען. און עס פאלען די שעהנסטע מוזעאומס, עס ווערט א בארג אש פון די טהייער־סטע קונסט־ווערק, פון די פּראכטפולסטע געמעלדען, סטאטוען. נאָר איינעם, בלויז איי־נעם, וועט דאָס הארץ אם שרעקליכסטען ברע־כען, קוקענדיג אויף דעם שרעקליכען חורבן, און וואָלט ער געקענט, וואָלט ער פיליכט גע־אָפּפערט מיט זיך, אום נאָר אָפּצושטעלען די ווילדע פערניכטונגס־ארבייט — דאָס איז דער ארכיטעקטאָר, דער מאהלער, דער סקולפּטאָר. ער ווייס די ליידען און די פריידען פון דעם שאַפען.

„די צובלוטיגטע קערפּערס — דאָס זיינען דאָך אונזערע קונסט־ווערק, די קונסט־ווערק פון דער פרוי!“

און ווען צעהנדליגע טויזענדע מענשען פא־לען אויף׳ן שלאַכטפעלד, דאן דארפען די פרויען פּראָדוצירען אנדערע צעהנדליגע טויזענדע לע־בענס (ווי די צייטונגען מעלדען, זוכט ענגלאנד צו בעוואָרענען זיך אויף א גאנץ זאָנדערבארען אופן, אז איהר בעפעלקערונג זאָל ניט פארקלע־נערט ווערען צוליעב די אונגעהייערע פערלוס־טען אין דער וועלט־מלחמה) און דאָס ווארפט ארויף אויף די פרויען אזא מלחמה־טעקס, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען...“

* * *

די ענגלישע פּרעסע אָט שוין צוויי חדשים הערט ניט אויף צו ריידען וועגען א בוך, געשריע־בען אין 1911, פון דעם לידער פון דער מלחמה־פּארטיי וואָס רעפרעזענטירט די מאָרד־פּאַטריאָ־טישע דייטשע יונקערס, גענעראל בערנהארדי.

דאָס בוך הייסט „דייטשלאַנד און די באַל־דיגע מלחמה“. דער „אוטלוק“ בריינגט אויסציגע פון איהם.

דער בוך איז מערקווירדיג אינטערעסאַנט. דער גענעראל האלט ניט פאר א סוד, אז דייטש־לאַנד וויל און דאַרף און וועט האָבען די איבער־האַנד אין דער וועלט, אז די דייטשע מלוכה וועט ארויסטרעטען געגען דער גאנצער וועלט צו בע־ווייזען איהר גרויזאמע מאכט און צו בעהערשען אלע שוואכערע נאציאָנען.

דער גענעראל גרינדעט זיינע בעווייזע אויף „וויסענשאַפט“, „עטהיק“ און „פּאָליטישע עקאָ־נאָמי“. דאָס דייטשע פאָלק, זאָגט בערנהארדי, איז אימער געווען א פאָלק, וואָס שטרעבט צו פריעדען. דאָס, נאָך זיין מיינונג, טויג דורכ־אויס ניט. „דאָס שטרעבען צו פריעדען סטראַ־שעט צו פער׳סם׳ען די נשמה פון דייטשען פאָלק“ . . . מען מוז אין איהם וועקען די מלחמה אינסטינקטען, כדי ער זאָל ארויסווייזען זיין מיליטערישע גבורה. „מלחמה איז ניט נאָר נויטיג פאר׳ן לעבען פון נאציאָנען, דאָס

איז אויך זעהר א וויכטיגער קולטורעלער פאקטאָר".

און דאָ בענוצט זיך דער גענעראל מיט „וויסענשאַפט".

אין לעבען קומט פאָר א קאַמפף פאר'ן עקזיסטענץ ניט בלויז צווישען איינצעלנע מענשען, נאָר אויך צווישען נאַציאָנען. די שטאַרקערע פערבלייבען. די שוואכערע ווערען פארניכטעט. דער פּראָגרעס פאָדערט, אַז אין דער וועלט זאָלען עקזיסטירען די פעהיגערע, די שטאַרקערע. „אמת, אויף א געוויסע צייט מאַכט די מלחמה אָן חורבונות: זי צושטערט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, און ברייגנגט אריין נויט און אומגליק", אָבער מען קען זיך ניט העלפען.

איצט הערט עטוואָס פון דעם גענעראל'ס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע". דאָס איז שוין גראַדע לייכט צו פערשטעהן.

די דייטשע בעפעלקערונג, פערשטעהט איהר, פארגרעסערט זיך, דייטשלאַנד אָבער שטעהט אויף איין אָרט. נו, מוז מען ערווערבען נייע טערריטאָריעס, נייע פּלעצער, וואו אהינצוטהאָן די צוגעקומענע בעפעלקערונג. און עס איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז טערריטאָריעס קען מען אָהן מלחמה ניט קריגען.

„די מלחמה איז בעזאָנדערס נויטיג פאר דייטשלאַנד איצט . . . מיר מוזען פערזיכערען דייטשלאַנד מיט זיינע קאָלאָניעס, וואו די פארגרעסערטע בעפעלקערונג וועט קענען געפינען ארבייט און וועט קענען מאַכען א דייטשישען (דאָס הייסט: אַן אנשטענדיגען) לעבען... מיר מוזען פּראָטעקטען דייטשלאַנד פון די סלאַווישע ראַסען, וועלכע שטופּען זיך אימער צו די דייטשע ברעגען. דייטשלאַנד מוז קעמפּפען, כדי צו געווינען „די הערשאַפט איבער דער וועלט".

בערנהאַרדי וויזט אָן אויף דער געפעהרליכער קאָנקורענץ פון פראַנקרייך. ער האָט מורא, אַז פראַנקרייך זאָל ניט ווערען די הערשערין און דייטשלאַנד זאָל ניט בלייבען פון הינטען.

די וואָס שטעהן פאר מלחמה, זאָגט דער שרייבער ווייטער, זיינען די אמת'ע אידעאַליסטען; די וואָס אַגיטירען קעגען מלחמה זיינען די ריכטיגע מאַטעריאַליסטען. פאר וואָס? ווייל א מענש איז דאָך פון דער נאַטור אַן עגאָאיסט, ער איז אימער אריינגעטהאָן אין זיך און טראַכט אימער וועגען זיך. ווען איהר וועט פריידיגען פריעדען, וועט דער מענש פערגרעבט ווערען. דאָס לעצטע ביסעל אידעאַליזמוס וועט זיך פון איהם אויסוועבען. ווען ער נעהמט אָבער דעם ביקס אויף די פּלייצעס און ער קעמפּפט פאר זיין פאַטערלאַנד, ערוועקען זיך אין איהם די מענשליכע געפיהלען, ער קען קומען דאַן צו דער העכסטער שטופּע פון אידעאַליזמוס. „מלחמה איז שרעקליך, אָבער עס ראַטעוועט דאָס לאַנד פון פערשטיינערונג."

דער גענעראל שעמט זיך אַפילו ניט צו זאָגען, אַז צוליעב קריסטענטהום מוז מען פארגיסען בלוט. איהר ווערט דאָך נשתומם פון אזא חוצפּה? אָבער בערנהאַרדי וויזט עס אויף מיט „עטהיקס". אָט איז זיין פּלפּול: אמת טאַקע, יעזוס האָטט געפּריידיגט: „האָב ליעב גאָט מעהר פון אַלעס און דיין שכן ווי זיך זעלבסט", דאָך... אזוי ווי עס איז עקזיסטירען אין דער וועלט פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע האָבען געגענזייטיגע אינטערעסען, וועט דאָך אויסקומען, אויב נור מען זאָל ליעבען „דעם שכן", אַז מען וועט פיינד האָבען דעם אייגענעם ברודער, דאָס אייגענע לאַנד. דורך דעם, וואָס מען איז פריינדליך צו י ע נ ע ם, שאַדעט מען די אינטערעסען פון דעם א י י ג ע נ ע ם. וואָלט דאָך דאָס געווען געגען קריסטענטהום. אַלזאָ, פאָדערט זיך, פון יעזוס'עם שטאַנדפּונקט, אַז מען זאָל יע פיהרען מלחמות.

„די מענישען, וועלכע טרעטען ארויס געגען מלחמה, זיינען ניט נאָר נאַריש, זיי זיינען אויך געגען מאָראַל. זיי זיינען ניט ווערטה דעם נאָמען מענש."

אָט אַזוי פּריידיגט מאָראַל דער דייטשער גענעראל בערנהאַרדי.

„אויב מען זאָל געבען אַ מעגליכקייט די שוואכע נאַציאָנען צו עקזיסטירען, וועט דאָס זיין אַן אומגליק פאר דער מענשהייט" און דייטשלאַנד, הייסט עס, דאַרף ראַטעווען די וועלט.

„די מלחמה איז ניט נאָר אַ לעבענס־פראַגע פאר דייטשלאַנד. אויך די גאַנצע וועלט וועט פון דעם פּראָפּיטירען. ווייסט איהר פּאַרוואָס? ווייל די דייטשען זיינען די פעהיגסטע, די קליגסטע; די דייטשע קולטור איז די ענטוויקעלטסטע, די העכסטע."

און ווייל די דייטשען זיינען אַזעלכע אויבער־מענשען האָבען זיי דאָס רעכט „צו ווערען לידערס פון דער אינטעלעקטועלער וועלט", ד. ה. צו פארגיסען ים'ען מענשליכע בלוט!

בערנהאַרדי פארשטעהט, אַז דער דייטשער מלוכה וועט אויסקומען צו קעמפּפען מיט אַלעמען, נאָר דאָס שרעקט איהם ניט אָפּ. פּארקעהרט, ער ווערט נאָך מעהר בעגייסטערט.

* * *

אַזעלכע מאָרד־פּאַטריאָטען זיינען פאַראַן ניט וועניג אויך אין ציוויליזירטען פראַנקרייך, פיעלייכט נאָך מעהר זיינען זיי פאַראַן אין דעם ציוויליזירטען ענגלאַנד. קיינער האָט אָבער די „לעהרע" ניט פאָרמולירט אזוי שוידערליך קלאָר, אזוי שוידערליך פרעך, ווי דער בראַווער דייטשער גענעראל בערנהאַרדי.

צוליעב טעכנישע אורזאַכען האָט גענ. בן־יקיר'ס ענטפער אויף מילך'ס אָנגריף אויף איהם ניט געקענט אריין אין דעם נומער, ער וועט ערשיינען אין נעקסטען נומער „צוקונפט". די רעדאַקציאָן.

Vol. XIX DECEMBER, 1914 No. 12

א. ליעסין

אונזער גרויסער זיעג

דאָס איז געווען א שעהנער, ערהאַבענער מאָמענט דעם פיערטען נאָוועמבער פאַרטאָג, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען און צוזאַמען מיט איהר איז אויפגעגאַנגען די שטראַהלענדע בשורה:

מאיר לאָנדאָן, דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס־קאַנדידאַט פון 12טען דיסטריקט, איז ערוועהלט!

דער 12טער קאָנגרעשיאָנאַל דיסטריקט איז א ריין אידישער און ריין פּראָלעטאַרישער דיסטריקט. אין קיין דיסטריקט אין ניו יאָרק, וואו אידען וואוינען, איז די גהעטאָ אזוי כאַראַקטעריסטיש ניט פאָרגעשטעלט, ווי אין דעם 12טען דיסטריקט. און גראַדע דיזער דיסטריקט האָט געגאָלטען פאַר דער אויסערליכער קריסטליכער וועלט אַלס א מאָראַלישע פעסט. קיין דיסטריקט אין ניו יאָרק, וואו אידען וואוינען, איז אזוי ניט דורכגעווייקט מיט עהרליכען אַרבייטער־שווייס, ווי דער 12טער דיסטריקט. און גראַדע דיעזער דיסטריקט האָט געגאָלטען פאַר דער אויסערליכער כריסטליכער וועלט אַלס א נעסט פון אויסוואורפען, מערדער און פערברעכער.

דאָס איז געווען די יאָהרענלאַנגע אַרבייט פון טעמעני. דיעזען אונגליקליכען דיסטריקט, וואו די ענגשאַפט, דער חושך, דער עלענד האָט זעלטען־וואו צו זיך א גלייכען אויף דער וועלט, האָט טעמעני אַלס א צוגאָב צוגעדעקט מיט שאַנדע. דאָס, וואָס דער ערגסטער אַנטיסעמיט וואָלט וועגען אונז ניט געקענט אויסטראַכטען אפילו — דאָס האָט טעמעני בעוויזען אויפצוטהאָן. צווישען די פיעלע וואונדער, וואָס א פרעמדער פלעגט אָנקוקען אין ניו יאָרק, פלעגט אימער זיין אויך דיעזער דיסטריקט. דער בייזער וואונדער איז ער געווען — דער בייזער וואונדער פון ניו יאָרק, פון גאַנץ אַמעריקאַ. און ווען אן אַמעריקאַנער צייטונג פלעגט אמאָל דערמאָנען דיעזען טייל פון דער איסט־סייד, דאַן פלעגט זיך פיהלען אונטער די בוכשטאַבען דער אויסדרוק פון פעראַכטונג, דער קרים פון עקעל, וואָס האָט זיך דאַבִיי בעוויזען אויפ'ן פנים פון שרייבער.

און אָט דיעזער אידיש־פּראָלעטאַרישער דיסטריקט, וואָס האָט געגאָלטען פאַר אַלעמען אַלס טעמעני'ס רינשטאָק, האָט עס איצט געשיקט אין קאָנגרעס דעם ערשטען סאָציאַליסטישען פערטרעטער פון דער הויפּט שטאָדט פון אַמעריקאַ. און יעדער אידישער אַרבייטער, יעדער אויפריכטיגער פריינד פון אידישען אַרבייטער, יעדער איינציגער, ביי וועלכען עס איז טהייער דער כבוד פון אידישען אַרבייטער, האָט מיט ענטציקענדע פריידען אויפגענומען די בשורה. זי האָט אויפגעשאַלט און אויפגעשטראַהלט, די בשורה, צווישען די פינסטערע טענעמענטס, וואָס זיינען אימער געווען די שטומע עדות פון אַלערליי שרעקען און בייזהייטען; זי האָט אויפגעשאַלט און אויפגעשטראַהלט מיט די צערטליכע פאַרבען און טענער אין צעהנדליגע טויזענדער פערביטערטע, פעראָרימטע אַרבייטער הערצער. און קיינער פון די מיליאָנען בירגער האָט אויף מאָרגען נאָך עלעקשאָן ניט געפיהלט אזאַ טיעפע מאָראַלישע צופריעדענהייט, ווי יעדער איינציגער פון די 6 טויזענד, וואָס האָבען געשטימט אין 12טען דיסטריקט פאַר'ן סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט.

דאָס איז געווען אונזער שעהנסטע און ערהאַבענסטע נקמה. די פּאַליטישענס פון טעמעני האָבען געזוכט צו מאַכען דעם גרויסען אידישען אַרבייטער קוואַרטאַל פאַר אונזער שוואַרצסטען פלעק. האָבען מיר, אידישע סאָציאַליסטען, איהם איצט געמאַכט פאַר אונזער שטאָלץ, פאַר'ן באַנער־טרעגער פון אונזער ליכטיגסטען אידעאַל.

* * *

טעמעני איז ניט נור די אונטערוועלט־פּאַרטיי פון ניו יאָרק; זי איז אויך די איירישע פּאַרטיי און די קאַטוילישע פּאַרטיי פון ניו יאָרק. צו די איטאַליענער און די זיד־דייטשען, צום ביישפּיעל, קומט זי געוועהנליך מיט'ן כוח פון קאַטוילִיציזם; צו די אידען אָבער פלעגט זי אימער קומען מיט'ן כוח פון דער אונטערוועלט. ווען די איירישע פון טעמעני ווילען זיך איינקויפען אין לאַסקע ביי די איטאַליענער אָדער

ביי די דייטשען, דאַן גיבען זיי אוועק א פראָמינענטען פלאַץ אויפ'ן טיקעט צו אן איטאַליענער אָדער צו א דייטש פון די קאַטוילישע כלל־טהוער; ווען מען פלעגט זיך אָבער וועלען איינקויפען אין לאַסקע ביי די אידען, דאַן פלעגט מען אוועקגעבען א פראָמינענטען פלאַץ אויפ'ן טיקעט כמעט אימער צו א אידען פון קאַדעטען־לאַגער.

דאָס האָבען מיר געזעהן אין פיעלע קאַמפּיינס. דאָס פלעגט געטהאָן ווערען אויף אזא פרעכען אופן, אויף וועלכען טעמעני איז נור פעהיג. טאָמער פלעגען די אידישע פּאָליטישענס יע א מאָל אויסווירקען ביי די טעמעני־באָסעם עפּעס א וויכטיגע נאָמיניישאָן, פלעגט עס כמעט אימער אָנקומען צו אידען פון זעהר א צווייפעלהאַפטער רעפּוטאַציע, צו אידען פון דער אונטערוועלט, פון קאַדעטען־לאַגער — צו אַזעלכע אידען, וועלכע די באַר־אַסאָסיאַיישאָן און די אנשטענדיגע בירגער פלעגען בראַנדמאַרקען אַלס אונפּאַסענד, אַלס אוינווירדיג.

און מען דאַרף דאָך פערשטעהן, אַז ווען די איירישע פון טעמעני נעהמען אַראָב די האַנד פון האַרצען און טהיילען איין א אידען מיט א וויכטיגער נאָמיניישאָן, דאַן ווילען זיי דאָך אם וויינינגסטען, אַז דער גאַנצער טיקעט זאָל געווינען דערפון, אַז די אויפגעאָפּפערטע נאָמיניישאָן זאָל צוציהען וואָס מעהר אידישע שטימען. היינט פאַר וואָס זיינען דאָס די מוירפּים אימער פּער'עקשנ'ט געווען נור אויף אונטערוועלט־אידען? הייסט עס, אַז זיי אַליין האָבען טאַקע אויפריכטיג געגלויבט אין די שטאַרקע אונטערוועלט־סימפּאַטיען פון דעם אידישען בירגער. זיי פלעגען געבען די נאָמיניישאָנס דוקא צו דיעזען סאָרט אידען, ווייל זיי האָבען פעסט געגלויבט, אַז דיעזער סאָרט איד ווערט בעטראַכט פון דער גרעסטער צאָהל אידישע בירגער מיט אַכטונג און מיט שטאָלץ, אַז די אידישע בעפעלקערונג פערלאַנגט דוקא אַזעלכע רעפּרעזענטעטיוום כדי ארויסצושטופּען זיי אין פראָנט פון עפענטליכען לעבען אַלס אונזער שיין און אונזער שפּיגעל פאַר די פעלקער.

דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירליך. די אַמאָליגע פּריצים פון רוסלאַנד, צום ביישפּיעל, פלעגען זיך טרעפען מעהרסטענטהיילס נור מיט אידישע פּראָצענטניקעס און פאַקטיירים, און זיי פלעגען זיך פאַרשטעלען, אַז די מעהרסטע אידען זיינען פּראָצענטניקעס און פאַקטיירים. אַזוי אויך טרעפען זיך די פּריצים פון טעמעני מעהרסטענטהיילס מיט אַלערליי אידישע אויסוואורפען, און זיי פלעגען זיך פאָרשטעלען, אַז די מעהרסטע אידען זיינען אויסוואורפען. און מען פלעגט אַריינזעצען צווישען אונז די מיטגליעדער פון די סעם פאָול אַסאָסיאַיישאָנס אַלס באָסעם און טעמעני פלעגט דאַביי גלויבען גאַנץ ערנסט, אַז זי טהוט נאָך אונז דערמיט גרויסע געפעליגקייטען.

און אָט די ערוועהלונג פון מאיר לאָנדאָן אין טעמעני'ס זיכערסטע פעסטונג, די ערוועהלונג פון א סאָציאַליסטישען קאָנגרעס־קאַנדידאַט, הינטער וועלכען עס שטעהען ניט קיינע באָסעם און קיינע געלט־אינטערעסען — דאָס איז געווען דער איבערראַשענדער ענטפער וואָס האָט אַזוי מעכטיג אָבגעקלונגען אין טעמעני און אָבגעהילכט איבער'ן גאַנצען לאַנד.

די פריהעריגע פאָרשטעלונג וועגען דעם אידישע בירגער האָט געקראַכט. טעמעני האָט, דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע אויסערליכע כריסטליכע וועלט האָט דערזעהן פאַר זיך א נייעם סאָרט אידען; דאָס זיינען אידען וואָס מען קען שוין מעהר ניט קויפען און פערשאַכערן — אידען וואָס ווערען בעגייסטערט פאַר די העכסטע אידעען און מאַכען דעם שעהנסטען געברויך פון די אמעריקאַנער פרייהייטען.

* * *

מען זאָגט אונז, אַז ניט אַלע, וואָס האָבען געשטימט פאַר מאיר לאַנדאָן, זיינען איבערציינגטע סאָציאַליסטען, אַז די גרויסע מעהרהייט האָט געשטימט בלויז פאַר'ן סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט, אָבער ניט פאַר די איבעריגע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. דאָס איז וואַהר. דאָס אָבער הייסט נאָך ניט, אַז דער זיעג פון מאיר לאָנדאָן איז ניט קיין סאָציאַליסטישער זיעג.

מיר ערינערן זיך די קאַמפּיינס אין דעם זעלבען קאָנגרעשיאָנאַל דיסטריקט מיט איינינע יאָהרען צוריק. דענסטמאָל האָט מען מורא געהאַט פאַר'ן אידישען סאָציאַליסט גראַדע דערפאַר ווייל ער איז א אידישער. און אָט די מורא פאַר'ן אידישען סאָציאַליזם פלעגט דאַן זיין די הויפּט אישיו פון קעמפּיין. מאַנכע אידען, אפילו פון די מעהר־פאָרטגעשריטענע, אפילו פון די סאָציאַליסטיש־געשטימטע, זיינען מיט דיעזער מורא דורכגעדרונגען געווען. צו שיקען א אידישען סאָציאַליסט אין קאָנגרעס — דאָס איז פאַר זיי געווען א מין טעראַריסטישע טהאַט. זיי וואָלטען גערן געזעהן, אַז די סאָציאַליסטישע באַמבע זאָל ענדליך דורכברעכען די סאָציאַליסטישע פעסטונג; זיי האָבען אָבער געוואָלט, אַז די באָמבע זאָל געוואָרפען ווערען פון כריסטען, אָבער ניט פון אידען. זיי וואָלטען אמת געוואָלט, אַז אין קאָנגרעס זאָל זיך ענדליך הערען די סאָציאַליסטישע שטימע; זיי האָבען אָבער געוואָלט, אַז די שטימע זאָל זיך הערען פון א כריסט און פון א פערטרעטער פון כריסטען, אָבער ניט פון א איד און פון א פערטרעטער פון אידען. און צווישען די פאָלקסמאַסען האָט דיעזער סענטימענט אָנגענומען נאָך א האַמאַטנערען אויסדרוק. וועגען דעם האָבען זיך שוין געזאָרגט די אידישע פּאָליטישענס און די אידישע צייטונגען, וואָס שטעהען אויפ'ן דיענסט

פון די פּאָליטישענס. מען האָט געזוכט איינצודרומלען די אידען, אז זיי דאַרפען וויכען פון די סאָציאַליסטען, אז אין די הויכע פענסטער וועט מען קוקען קרום אויף די אידען, אז מען וועט זאָגאר פערפאָלגען די אידען, אויב נור זיי וועלען שטימען פאר די סאָציאַליסטען.

און אָט די מורא פאר'ן אידישען סאָציאַליזם איז שוין אין דעם איצטיגען קעמפּיין אין גאַנצען פערשוואונגען. אפילו גאָלדפאָגעל און זיינע לייט און זיינע צייטונגען האָבען דיעזע אַמאָליגע הויפּט אישיו אויפגעגעבען. זיי זיינען בערייט געווען אויסצוטראַכטען אויף די סאָציאַליסטען דעם ווילדסטען שקר־בלבול; צו סטראַשען אָבער מיט גוי'אישען כעס האָבען זיי זיך שוין ניט ערלויבט. די אלטע אישיו איז שוין געוואָרען אזוי פערראָסטעט, דאָס אפילו די אידישע טעמעני־פּאָליטישענס האָבען שוין מעהר פון איהר קיין געברויך ניט געמאַכט.

דאָס איז געווען דער גרויסער זיעג פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק אויף דער אידישער גאַס.

די אידישע פּאָליטישענס פלעגען אין די אַמאָליגע קעמפּיינס אלץ סטראַשען, אז דאָס אמעריקאַנישע פאָלק וועט אין כעס זיין אויף די אידען, אויב זיי וועלען ארבייטען און שטימען פאר'ן סאָציאַליזם. די אידישע גאַס האָט אָבער די מורא שוין איבערגעוואַקסען. דער אידישער בירגער, צו דער ארבייטער, צו אפילו דער ניט־ארבייטער, ווייס שוין איצט און פערשטעהט, אז עס זיינען פאראן צוויי פערשיעדענע אמעריקאנער פעלקער; עס איז פאראן איין פאָלק, וואָס ארבייט און שאפט אלעס, און א צווייטע פאָלק, וואָס טהוט גאָרנישט און נעהמט אלעס אוועק; עס איז פאראן איין פאָלק, וואָס עקספּלואטירט און זויגט אויס, און א צווייטע פאָלק, וואָס ווערט עקספּלואטירט און אויסגעזויגען.

דאָס ארבייטענדע פאָלק, דאָס אויסגעזויגטע פאָלק—דאָס זיינען 9 צעהנטעל פון די אמעריקאנער בירגער. דאָס איז דאָס אמת'ע גרויסע אמעריקאַנישע פאָלק. און דיזעס פאָלק זעלבסט הויבט אָן אלץ טיעפער, אלץ שטאַרקער דורכצודרונגען צו ווערען מיט'ן סאָציאַליזם. מיר, אידישע סאָציאַליסטען, שטעהען דאָ ניט אליין און איינזאַם. אין געגענטהייל, דער גרויסער סאָציאַליסטישער וואוט פון די לעצטע יאָהרען איז געקומען ניט פון די אידען און ניט אפילו פון די אימיגראַנטען־סטייטס; ער איז געקומען דורכאויס פון כריסטען און גראַדע פון די עכט־אמעריקאנער סטייטס. און דער אידישער בירגער, צו דער ארבייטער, צו אפילו דער ניט־ארבייטער, ווייס שוין איצט און פערשטעהט, אז די אידישע ארבייטער דאַרפען פון די אמעריקאַנער ארבייטער ניט אָפּשטעהן, אז זיי דאַרפען זייער עהרען־פּלאַץ אין די ערשטע רייהען ניט אויפגעבען.

עס איז געווען אמאָל א צייט, ווען דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק איז נאָך ווייט געווען אפילו פון די טרייד־יוניאָניסטישע אידעען. און ווען מיר וואָלטען דאַן געהאַט א גרויסע אידישע אימיגראַציאָן, און ווען מען וואָלט דאַן אָרגאַניזירט די אידישע ארבייטער אין יוניאָנס, וואָלט מען דאַן זיכער גע־טענה'ט דאָס זעלבע, אז פאר אידען איז געפעהרליך צו זיין טרייד־יוניאָניסטען, אז דאָס אמעריקאַנישע פאָלק וועט דערפאַר אויף זיי אין כעס זיין. איצט אָבער, ווייסען מיר, אז די אידישע יוניאָנס זיינען די בעסטע רעקאָמענדאַציאָן פאר'ן אידישען אימיגראַנט, אז ווען די אידען וואָלטען ניט געהאַט קיין יוניאָנס, דאַן וואָלט מען אויף זיי געקוקט ווי מען קוקט דאָ אויף די אזיאַטען.

און דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן סאָציאַליזם. עס איז שוין געקומען די צייט, ווען די אידען קענען אָנווייזען מיט שטאָלץ, אז זיי זיינען דאָ געווען, צוזאַמען מיט די דייטשען, די ערשטע טרעגער פון די סאָציאַליסטישע אידעען, און די אידען קענען אויך אָנווייזען מיט שטאָלץ, אז זיי, צוזאַמען מיט די דייטשען, זיינען די ערשטע, וואָס שיקען אין קאָנגרעס סאָציאַליסטישע פערטרעטער.

דאָס האָט דער אידישער בירגער גאַנץ גרונטיג פערשטאַנען, און די מורא פאר'ן אידישען סאָציאַליזם איז צורונען, און די סטראַשונקעס מיט'ן גוי'אישען כעס האָבען פערשטומט. דער אידישער בירגער האָט פערשטאַנען, אז אפילו פון אידישען שטאַנדפּונקט וועט זיין פיעל שעהנער פאר אונז צו שיקען אין קאָנגרעס דעם אידישען סאָציאַליסט, איידער דעם אידישען טעמעני־מאַן, אז עס וועט זיין פיעל בעסער פאר אונז, ווען מען זאָל ענדליך דעם שאַנד־פלעק פון דער טעמעני־הערשאַפט פון אונזער גרויסער גהעטאָ אָבווישען.

און טויזענדער אידישע בירגער האָבען ענדליך די באָמבע געוואָרפען. זיי האָבען שוין איצט געשטימט פאר'ן אידישען סאָציאַליסט גראַדע נור דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט די בעסטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערן.

מען זאָגט אונז, אז די ערוועהלונג פון מאיר לאָנדאָן איז געווען צום גרויסען טייל א פּראָטעסט געגען טעמעני. דאָס איז וואַהר. דער פּראָטעסט האָט זיך אָבער אויסגעדריקט אונטער אונזער פאָהנע — אונטער דער רויטער סאָציאַליסטישער פאָהנע.

* * *

נאָך מיט א יאָהר זעקס צוריק איז אזא פּראָנטוואָרטליכער יהודי, ווי אָסקאַר שטרויס, ארויסגעטראָטען אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען און געוואָרענט די אידישע מאַסען, אז זיי זאָלען זיך ניט אָפּגעבען מיט ראַדיקאַלע בעוועגונגען,

ווייל דאָס קען שאַדען די אידישע אינטערעסען.
ווי שנעל אָבער עס מאַהלען איצט די מיה־לען פון דער צייט אין אמעריקא! מיט צוויי יאָהר צוריק איז שוין שטרויס אַליין געוואָרען א ראַדיקאַל, דער ניו יאָרקער גאָווערנאָר־קאַנדידאַט פון רוזוועלט'ס פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי איז פון אַלע זייטען ביטער און גיפטיג בעקעמפפט געוואָרען, שטרויס אָבער האָט זיך ניט געקימערט, טאָמער שטעלט ער דערמיט אין סכנה דעם כלל־ישראל. און אין דעם איצטיגען קאמפּיין זיינען די פּראָגרעסיווע אין צוועלפטען קאָנגרעשיאָנעל דיסטריקט, פּאַרטיי־חברים פון שטרויס, אוועקגעגאַנגען נאָך ווייטער. זיי האָבען זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו דעם אָפיציעלען קאָנגרעס־קאַנדידאַט פון זייער אייגענער פּאַרטיי און געאַרבייט און געשטימט פאַר'ן קאָנגרעס־קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — און גראַדע נור דערפאַר, ווייל דער קאַנדידאַט איז געווען א אידישער סאָציאַליסט, וואָס האָט געהאַט די בעסטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען.

און מיר האָבען אַלע אורזאַכען צו האָפען, אַז אין א פּאָר יאָהר שפּעטער וועלען שוין פיעלע פון זיי שטעהן אין גאַנצען מיט אונז — מיט'ן גאַנצען סאָציאַליסטישען טיקעט, מיט דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

מיר דאַרפען נור אַרבייטען און אַרבייטען. מיר דאַרפען אימער געדענקען דעם גרויסען כלל, אַז אויב מען וויל שניידען מיט פרייד, מוז מען פריהער זעען מיט מיה. מיר דאַרפען אַלץ ברייטער, טיעפער, שטאַרקער מאַכען דעם סאָציאַליסטישען סענטימענט צווישען די אידישען מאַסען, און מיר דאַרפען אָנווענדען יעדע אָנשטרענגונג, אַז דיעזער סענטימענט זאָל פאַרקערפּערט ווערען אין סאָציאַליסטישע שטימען, אַז ער זאָל אָרגאַניזירט ווערען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און אונזערע אידישע אַרבייטער־קוואַרטאַלען זאָלען ווירקליך ווערען די ערשטע פעסטונגען פון סאָציאַליזם אין אמעריקא.

דער איצטיגער וואהל־רעזולטאַט דאָס איז דאָס ערשטע שנעע־שטיק, וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון דעם שפּיץ־באַרג. און זאָל עס ווערען יענע מעכטיגע גרויסע לאַווינע, וואָס וועט ענדליך אומשטירצען די היינטיגע געזעלשאַפט און אַראָבטראָגען די בייזע בלוטיגע קאַפּיטאַליסטישע ממשלת הזדון.

מנחם

די פערלאזענע

(מלחמה־באַלאַדע)

— פאַרוואָס איז דיין פּנים פערראָומערט און בלייך,
דער בליק פון דיין אויג — ווי געריהרט?
צי האָט מען דיין מאַן פונ'ם שטובען אַרויס
אַוועק אין דעם פייער געפיהרט?
זי הערט עס א בלייכע מיט בליקען צומישט,
נאָר ענטפערען ענטפערט זי נישט.

— צי האָסטו, חלילה, פון וועמען געהערט,
אַז ער איז פערוואונדעט אין שלאַכט,
און קראַנקערהייד ליגט ער דאָרט, נעביך, אָהן הילף,
אָהן וואַסער א טראָפּען פערשמאַכט?
איהר פּנים ווערט בלייכער, די אויגען צומישט,
נאָר ענטפערען ענטפערט זי נישט.

— צי אָנגעריהרט האָט איהם, די שעה זאָל ניט זיין!
פון שונא די קויל אַזוי שווער,
און ס'רייסט דיר דאָס האַרץ נאָך צו הערען פון איהם
און טהאָן איהם זיין לעצטען בעגעהר?
דאָס פּנים ווי קרייד שוין, די אויגען צומישט,
נאָר ענטפערען ענטפערט זי נישט.

— צי אפשר—זאָל גאָט מיך ניט שטראָפען דערפאַר,
וואָס כ'ברענג אַזוינס גאָר פאַר'ן מויל! —
צי האָט ער שוין אפשר געפונען זיין רוה,
געשלאָגען פון שונא'ס א קויל?
דאָס אויג פון בעהאַלטענעם וועהטאָג צוגליהט,
און לאַנגזאַם איהר ענטפער זיך ציהט:

— וואו ערד זאַפּט דאָס בלוט, דאָס פערגאָסענע, איין,
וועט זיינער א טראָפּען נישט זיין.
זיין ווייב און זיין מאַמע, זיין היים און זיין שטאָדט
געלאָזט אויפ'ן שונא'ס בעראָט.
זיין אייגען לייב היט ער, ווען אַלץ איז אין בראַנד — — — —
מיין מאַן האָט פערלאָזען דאָס לאַנד...

מאיר לאַנדאָן

מיינע אויפגאַבען און מיינע פּלענער

די לעזער פון דער „צוקונפט" איבער'ן גאַנצען לאַנד בין איך שולדיג אַ חוב, וואָס איך וויל זיי איצט בעצאָהלען. אַ דאַנק דעם אַרטיקעל פון גענ. ליעסין אין נאָוועמבער־נומער „צוקונפט" זיינען זיי געוויס געווען פעראינטערעסירט אין דעם אויסגאַנג פון די וואַהלען צוליעב פיעלע ספּעציעלע טעמים, וואָס זיינען דאָרט אָנגעוויזען געוואָרען. גלויב איך, עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אַז איך, דער ערוועהלטער, זאָל זיי אָבגעבען אַ בעריכט ווי איך אַליין קוק אויף מיין ערוועהלונג.

איך מוז דאָ תיכף בעמערקען, אַז דער אויבען־דערמעהנטער אַרטיקעל פון גענ. ליעסין איז מערקווירדיג אין דער בעציהונג, וואָס זיינע פאָראויסזאָגונגען זיינען בוכשטעבליך מקוים געוואָרען: דער פּרעסטיזש פון דער איסט־סייד איז געוואַלדיג געשטיגען דורך דער ערוועהלונג פון אַ סאָציאַליסט. די ענגלישע פּרעסע איבער'ן גאַנצען לאַנד האָט מיט אַ וואונדערבאַרער איינשטימיגקייט ערקלערט, אַז זי זעהט אין דעם אַ כבוד פאַר דער איסט־סייד, וואָס איהרע איינגעוואַנדערטע בירגער האָבען פערשטאַנען צו פערבייטען אַ טעמעני־האָל־מאַן דורך אַ סאָציאַליסט. די שטאַרקסטע פעסטונג פון טעמעני איז צושמעטערט געוואָרען און אַ פרייד האָט אָבגעהילכט איבער'ן לאַנד. אַ נייע איסט־סייד האָט זיך בעוויזען, וועלכע וועקט טיעפע אַכטונג. אינטעליגענטע, דענקענדע בירגער זיינען דאָרט פאַרהאַן, בירגער מיט פעראַנטוואָרטליכקייט. אַזוי פיהלט דאָס גאַנצע לאַנד און זאָגט עס אַרויס דורך דער פּרעסע. דורך דעם געווינסט דער סאָציאַליסטישער זיעג אויף דער איסט־סייד אַ בעדייטונג ניט נור פאַר דער איסט־סייד. די גאַנצע איינגעוואַנדערטע אידישע בעפעלקערונג וועט דערפון פּראָפיטירען — מען וועט שוין ניט קוקען אויף איהר ווי אויף דער פעראַכטעטער וועהלער־סטאַדע, וועלכע לויפט נאָך דעם נידריגסטען פּאָליטישען, אַבי ער וויים נור ווי איינצוקויפען זיך ביי איהם אין גנאַדען. דערביי האָט אויך געפּלאַצט דער מיאוס'ער ליגען, אַז אין די אינטערעסען פון אידישען פאָלק דאַרף די איסט־סייד זיין מיט לייב און לעבען צוגעבונדען צו טעמעני. ניין, עס איז אין די אינטערעסען פון אידישען פאָלק, אַז זיינע איינצעלנע טיילען זאָלען האַנדלען מיט דער גרעסטער מאָס געוויסענהאַפטיגקייט. מיט אַ בירגער, וועלכער וויים צו אונטערשיידען צווישען גוט און שלעכט, רעכענט מען זיך. און די סאָציאַליסטען, מיט דער דורכפיהרונג פון זייער קאַנדידאַט אין קאָנגרעס, האָבען געלייסטעט אַ וויכטיגען דיענסט דעם אידישען פאָלק.

ווי איהר זעהט, טייטשט אויס דאָס לאַנד אונזער זיעג אַלס אַ פּראָטעסט געגען טעמעני. און אין דעם איז דאָ אַ גרויסער טייל אמת. דער סאָציאַליסטישער סענטימענט איז אָהן צווייפעל שטאַרק געוואַקסען אויף דער איסט־סייד. אָבער ווען עס וואָלט זיך געווענדעט אָן דעם סאָציאַליסטישען סענטימענט, וואָלטען מיר שוין מיט יאָהרען צוריק געדאַרפט ערוועהלען אונזערע פאָרשטעהער צו יעדען אָפיס. שוין אַ היבשע פּאָר יאָהר ווי די איסט־סייד שוויבעלט און גריבעלט מיט סאָציאַליסטיש־„געזאָנענע". די פראַגע איז נור געווען, וויפיעל פון זיי זיינען געווען בירגער און ווי ווייט זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט, אָט אין הלכות אָרגאַניזאַציאָן, אין ריין טעכנישען זין פון וואָרט, האָבען מיר ווירקליך געמאַכט פּראָגרעס. אונזער אָרגאַניזאַציאָנס־אַפּאַראַט האָט היי־יאָהר געאַרבייט אַזוי טיכטיג, אַז אונז איז געלונגען צונויפצונעהמען די וועהלער און זיי זאַמלען אַרום דעם סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט.

די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט צונויפגענומען און געזאַמעלט די וועהלער, אָבער זי האָט זיי ניט בעשאַפען. דאַרום וואָלט געווען ניט אמת, ווען מען זאָל צושרייבען דעם גאַנצען זיעג צו דער אָרגאַניזאַציאָן.

און וועהלער זיינען געקומען צו אונז, ווי מיר האָבען פריהער אָנגעוויזען, פון די פּראָטעסטירער געגען טעמעני און אויך פון דעם ראַדיקאַלען, פּראָגרעסיווען און רעפאָרמיסטיש געזאָנענעם עלעמענט. אונזער זיעג איז אין דעם, וואָס דיעזער עלעמענט האָט פרייוויליג אָנגענומען די העגעמאָניע פון די סאָציאַליסטען. מיר האָבען מיט זיי קיין אָבמאַך ניט געהאַט און זיי ניט געמאַכט קיין פערשפּרעכונגען. אָבער עס איז פאַקטיש פאָרגעקומען דאָס, וואָס ביי די פּאָליטישע פּאַרטייען טראָגט דעם אָפיציעלען נאָמען פיוזשאָן — נישט מעהר וואָס געוועהנליך זוכט מען עס צו דערגרייכען דורך דיפּלאָמאַטיע און דורך האַנדעל, דורך געגענזייטיגע קאָמפּראָמיסען. מיר האָבען זיך אין דעם ניט גענויטיגט. דער פּראָגרעסיווער וועהלער האָט אונז אויסגעדריקט צוטרויען. אויב אין דעם פאַל קענען מיר אָנ־

ווענדען דעם וואָרט פיוזשאָן, איז זי געווען א ניט אָבגערעדטע און אָהן שום קאנדיציאָנען.

אָבער איך זעה אין מיין ערוועהלונג נאָך פיעל מעהר. לאָמיר נעהמען די פאַקטען. מיר האָבען געמערקט ביי די וואַהלען אין 12טען דיסטריקט, אַז דער קאַמפף ארום די קאָנגרעס־קאַנדידאטען איז אַרויסגעטראָטען אויפ'ן ערשטען פלאַן. ער האָט אַרויסגערופען מעהר אָנזעהן, ווי אין אירגענד וועלכען אַנדער קאָנגרעשיאָנאַל עלעקשאָן־דיסטריקט אין לאַנד. די צאָהל שטימען, וואָס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען, האָט אַריבערגעשטיגען די צאָהל שטימען, וואָס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר אירגענד וועלכע אַנדערע קאנדידאַטען, וואָס זיינען געלאָפען פאַר א געוויסען אָפיס. דער אינטערעס, וואָס דער קאָנגרעשיאָנאַל קעמפיין האָט ארויסגערופען, די אישיוס, וואָס זיינען דערביי אויפגעהויבען געוואָרען, האָבען קיין גלייכען ניט געהאט איבער'ן גאַנצען לאַנד.

און איך ערקלער זיך דאָס אויף אַזאַ אופן: דער קוואָרטאַל האָט ערוואַכט איינצוזעהן די וויכטיגקייט פון דער נאַציאָנאַלער רעגיערונג.

מיר וועלען זיך בענוצען מיט א ביישפיעל. מיט איינינגע יאָהרען צוריק איז דער אַמט פון דיסטריקט אַטאָרני אין ניו יאָרק געהאַלטען געוואָרען פאַר אונבעדייטענד — די וועהלערשאַפט פלעגט איהם צאָהלען זעהר וועניג אויפמערקזאַמקייט. אָבער זייט זשעראָם איז אַריינגעטראָטען אין דיעזען אַמט און ער האָט געוויזען וואָס מיט דעם אַמט קען מען אויפטהאָן, ווען מען פיהרט איהם מיט א פעסטער האַנד, איז געקומען אַן ענדערונג אין דיעזער בעציהונג — דער אינטערעס פון די וועהלער צו דיעזען אַמט האָט גענומען וואַקסען פון יאָהר צו יאָהר.

דיזער ביישפיעל פון ניו יאָרקער לאָקאַלען פאָליטישען לעבען וועט אונז דיענען צו בעלייכטען א גרעסערע פאָליטישע ענדערונג, וואָס געהט איצט אָן אין לאַנד.

די נאַציאָנאַלע רעגיערונג נעהמט שפיעלען אַלץ א גרעסערע ראָלע אין פאָליטישען לעבען פון לאַנד, איהר טהעטיגקייט פערנעהמט אַלץ א גרעסערן פלאַץ אין אַלע אָבטיילונגען פון נאַציאָנאַלער טהעטיגקייט. ביז איצט האָט אין בעוואוסטזיין פון אַמעריקאַנער פאָלק קוים געבלינצעלט דער געדאַנק, אַז עפעס איז פאַרהאַן אין וואַשינגטאָן א נאַציאָנאַלע רעגיערונג און עפעס טהוט זי און זי האָט אויך אויפגאַבען און פונקציעס, וואָס קענען האָבען א שייכות צו איהם, דעם וועהלער־פאָלק. די סטייט־לעדזשיסלייטשורס האָבען פערשטעלט זיין גאַנצען האָריזאָנט. פון דאָרט האָט ער ערוואַרט אַלע זיינע ישועות, און ענטפער אויף אַלע ברענענדע פראַגען. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין די קאָלעדזשעס האָבען פיעלע פראָפעסאָרען קוים געפונען פאַר נויטיג צו אונטעררעכטען די סטודענטען, די צוקינפטיגע לאָיערס, אין נאַציאָנאַלען רעכט. פאַר א גוטען לאָיער האָט זיך גערעכענט דער, וועלכער ווייס די אַלע פלאָנטערס און דריידלאַך, מיט וועלכע די לאָקאַלע געזעצגעבער האָבען אַרומגערינגעלט יעדען געזעץ.

א ראַדיקאַלע ענדערונג האַלט איצט אין אָנקומען.

די נאַציאָנאַלע געזעצגעבונג האָט אַריינגעמאַרשירט מיט קראַפט אין עפענטליכען לעבען. זי האָט אויסגעשפרייט איהר איינפלוס אויף פערשיעדענע צווייגען פון קאָמערציעלען און אינדוסטריעלען לעבען פון לאַנד — דער אינקאָם טעקס, דער קלעיטאָן ביל, דער קוירענסי ביל, די געזעצען, וואָס רעגולירען די אייזענבאַהנען און די טראָסטס. פיעלע פראַגען, וואָס זיינען ביז אַהער געהאַלטען געוואָרען פאַר דעם מאָנאָפאָל פון די סטייט־לעדזשיסלייטשורס און צו וועלכע דער קאָנגרעס האָט קיין צוטריט געהאַט, — טראָגען זיך פון זיך אַליין אַריבער אין קאָנגרעס. אָט פאָהרט אַרום איבער'ן לאַנד א „קאָמישאָן פון אינדאָסטריעל רילייזשאָנס“, זי נעהמט זיך איצט פאַר דער אונטערזוכונג פון די בלוטיגע קאָלאָראַדאָ־געשעהניסען, און פון דעם איז איין טריט ביז צו געזעצען, וואָס רעגולירען די בעציהונגען צווישען קאַפיטאַל און אַרבייט, ביז צו געזעצען וועגען קינדער־אַרבייט, וועגען אַרבייטס־לאָזען־פערזיכערונג.

א פרעסעדענט איז שוין געשאַפען געוואָרען. — די „אינטערסטייט קאמערס קאָמישאָן“, וואָס איהר אויפגאַבע איז פון אָנפאַנג געווען א נעגאַטיווע — ניט צו דערלאָזען, אַז איין סטייט זאָל שטערען דער קאָמערץ פון אַן אנדער סטייט, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו טהאָן פאָזיטיווע אַרבייט. דאָס „ניט שטערען“ די קאָמערץ איז אויסגעטייטשט געוואָרען אַלס רעגולירען די קאָמערץ, וואָרים ווען ניט רעגולירט קען די קאָמערץ פון איין סטייט דוקא יאָ שטערען דער קאָמערץ פון אַן אַנדער סטייט. די קאָמערץ פון לאַנד איז איין ווירטשאַפטליכע איינהייט. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דאָס נאַציאָנאַלע געזעץ בעשטימט שוין די צאָהל דירעקטאָרען, וואָס א קאָרפּאָריישאָן מעג האָבען. אויף אַזאַ אופן איז די „אינטערסטייט קאמערס קאָמישאָן“ אַריבערגעטראָטען די פאָלמאַכט, וואָס זי האָט געהאַט לויט דער קאָנסטיטושאָן. די פראַקטיק האָט געצוואונגען אויסצושפרייטען איהרע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטע.

פרעגען מיר, וואו ליעגט דער פרינציפיעלער אונטערשיעד צווישען „אַרבייט“ און „קאָמערץ“? ווען אַרבייט ווערט ניט רעגולירט, ווען אין איין סטייט ווערט געאַרבייט אויף די ערגסטע בעדינגונגען, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען, שעדיגט עס גאַנץ בעשטימט די אינטערעסען פון קאָמערץ פון די קאָנקורירענדע סטייטס, וואו די אַרבייטער האָבען זיך שוין

דערשלאָגען בעסערע ארבייטס־בעדינגונגען. האָבען מיר דען ניט א רעכט, שטיצענדיג זיך אויף דעם, צו פאָדערן אז דער קאָנגרעס זאָל זיך נעהמען פאר נאַציאָנאַלע ארבייטס־געזעצגעבונג? אי די קאָנסטיטוציע און די „אונאבהענגיגקייט" פון די סטייטס? — האָבען מיר דאָך שוין אין אן ענליכען פאַל איבערטראָטען די קאָנסטיטוציע, ווען די עקאָנאָמישע נויט האָט אונז געצוואונגען. זיינען מיר שוין בערעכטיגט דאָס צו טהאָן א צווייטען מאָל. און דערצו וועט מוזען קומען.

דאָס וועט צוגעהן אונבעמערקט, אזוי ווי מען האָט פון אָנפאַנג ניט געמערקט, אַז די נאַציאָנאַלע רעגיערונג נעהמט זיך מישען אין קאָמערציעלען און אינדוסטריעלען לעבען — עס האָט געשיינט, אַז די פראַגען, אין דער פאָרם, ווי זיי זיינען ,יעשטעלט געוואָרען אין קאָנגרעס, ריהרען אַזוי ווייניג אָן דאָס עקאָנאָמישע לעבען, טראָגען זיך אַזוי הויך איבער איהם, דאָס די סטייט־לעדזשיסלייטשורס האָבען ניט אָנגעהויבען צו פערדעכטיגען, אַז דער קאָנגרעס גערהט איבערנעהמען זייער אַרבייט. און איצט, נאָך דעם ווי די געזעצען זיינען דורכגעגאַנגען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיי אקערן און קעהרען איבער דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבען. דער קאָנגרעס נעהמט זיך מישען, איז געצוואונגען צו מישען זיך און וואָס ווייטער אלץ מעהר. אנדערש קאָן עס ניט זיין — דאָס פערלאַנגט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון לאַנד, אַלס אן איינהייטליכען עקאָנאָמישען קערפער.

און מערקווירדיג, אַז געראַד די דעמאָקראַטישע פאַרטיי, וועלכע האָט געזעהן איהר דעמאָקראַטיזם אין וואָס מעהר אויטאָנאָמיע, אין אָנטרויעז וואָס מעהר אונאבהענגיגקייט צו די סטייט־רעגיערונגען, איז געצוואונגען צו געהן אויף דיעזען וועג. אפשר פערשטעהט זי אַליין ניט די איבערקעהרעניש, אין וועלכער זי איז א געצוואונגענע טיילנעהמערין... לאָמיר אַפילו אָננעהמען, אַז אין פיעלע פרטים, ווי אין די געזעצען געגען די טראָסטס, טהוט זי אין גרונד גענומען אן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט — ווייל עס איז אונמעגליך, נאָך דער מיינונג פון אונז, סאָציאַליסטען, צו קעמפפען מיט יורידישע געזעצען געגען די געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג. דאָך איז אַפילו אין איהר רעאַקציאָנערער פאָליסי פאַראַן א געוויסער פראָגרעסיווער עלעמענט און דאָס איז די נייע טענדענץ צו נאַציאָנאַליזירען די געזעצגעבונג. אַלס רעזולטאַט פון דער פאָליסי וועט דאָס לאַנד געווינען א נאַציאָנאַלע רעגולירונג פון די טראָסטס, וואָס וועט קענען שפּעטער געענדערט ווערען אין דער אָדער יענער ריכטונג.

אין דער לעבערליכסטער, אַבסורדסטער לאַגע געפינט זיך די סאוטה, די „סאָליד סאוטה" — די פעסטונג פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זי איז דאָך די פערטרעטערין פון די „אונאַבהענגיגקייטס"־שטרעמונגען אין דער אמעריקאַנער פּאָליטיק. א סטייט זאָל טאַקע זיין א סטייט פאַר זיך. די נאַציאָנאַלע רעגיערונג דאַרף זיך ניט מישען אין סטייט־אַנגעלעגענהייטען, און דאָך, די סאוטה איז געוועזען די ערשטע צו פאָדערן א נאַציאָנאַלע אנטי־טראָסט געזעצגעבונג, ווייל זי האָט אם שטאַרקסטען געפיהלט דעם דרוק פון די טראָסטס. און איצט, ווען די נאַציאָנאַלע געזעצגעבונג וועט זיך ווייטער ענטוויקלען, ווען זי וועט אַריינגעהמען פאַבריק־געזעצען, געזעצען געגען קינדער־אַרבייט, וועט אויף די סאוטה זיין די יעניגע, וועלכע וועט כאַפּען דעם שטאַרקסטען קלאַפּ. די סאוטה איז עקאָנאָמיש זעהר אָבגעשטאַנען, די ערגסטע אַרבייטס־בעדינגונגען טרעפט איהר אין דער סאוטה, קינדער אַרבייטען אין איהרע פאַבריקען ביז 15-16 שטונדען א מעת־לעת, מאַנכע סטייטס האָבען אַבסאָלוט קיינע געזעצען, וואָס בעשרענקען קינדער־אַרבייט. פערשטעהט זיך, די סאוטה וועט דאַן אויפהויבען א געשריי געגען דעם, זי איז שוין איצט אי פאר נאַציאָנאַלער געזעצגעבונג, אי געגען נאַציאָנאַלער געזעצגעבונג, און זי וועט צומאָלען ווערען אין דעם דאָזיגען ווידערשפּרוך. זי וועט האָבען אַרויסגערופען געגען זיך כוחות, מיט וועלכע זי וועט ניט זיין אימשטאַנד צו קעמפּפען...

* * *

אָט דאָס איז די ווענדונג, די נייע ריכטונג אין אַמעריקאַנער פּאָליטישען לעבען, און די אויפגאַבע פון די פּאָרטגעשריטענע עלעמענטען אין לאַנד איז צו העלפען דער דאָזיגער ענטוויקלונג. די נאַציאָנאַלע געזעצגעבונג דאַרף שטייגען אין וויכטיגקייט אין די אויגען פון פּאָלק. דער אַמט פון קאָנגרעסמאַן דאַרף געווינען אין אָנזעהן. און מיר דאָ, אויף דער איסט־סייד, אין 12טען קאָנגרעשיאָנעל דיסטריקט, ווען אַפילו מיר האָבען די בעוועגונג ניט אָנגעהויבען, האָבען מיר זיך דאָך אַוועקגעשטעלט אין פראָנט פון דיזער בעוועגונג. און אָנצוטרייבען ווייטער די דאָזיגע בעוועגונג זאָל זיין אונזער אַלעמענס אויפגאַבע. נאַטירליך, אין קאָנגרעס וועל איך זעהן צו טהאָן, וואָס די אומשטענדען וועלען מיר ערלויבען, פאַר דער ווייטערער אויסשפּרייטונג פון דער נאַציאָנאַלער געזעצגעבונג: איך וועל אַריינטראָגען בילס וועגען בעסערע אַרבייטס־בעדינגונגען, קינדער־אַרבייט, פרויען־אַרבייט, עלטער־פּענסיע א. ז. וו., איך וועל ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט ריידען און דערמאָהנען וועגען דעם. און ווען אפילו עס זאָל מיר זיך ניט איינגעבען דורכפיהרען אין קאָנגרעס א פערטעל אַמענדמענט צו אן אַמענדמענט, אָבער עס זאָל מיר זיך איינגעבען דורכפיהרען מיין פּלאַן — אַלע 2 וואָכען צו קומען פון וואַשינגטאָן קיין ניו יאָרק אום צו בעריכטען מיינע

וועהלער וועגען דעם, וואָס איז געטהאָן געוואָרען און וואָס איז ניט געטהאָן געוואָרען אין קאָנגרעס און וואָס עס ווערט בעאבזיכטיגט צו טהאָן, און אויף אַזאַ אופן שאַפען אַן ענגע פערבינדונג צווישען די וועהלער און דער נאַציאָנאַלער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפט, וועל איך זיך פיהלען בעפרידיגט און מיין אויפגאַבע האַלטען פאַר ערפילט.

און מיר, סאָציאַליסטען, וועלען דאַן ווירקליך זיך מעגען גראַטולירען, אַז מיר האָבען אָבגעהאַלטען אַ זיעג. מיר וועלען דאַן זיין פּיאָנערען. מיין ביישפּיעל וועט מוזען נאָכגעטהאָן ווערען. מיינע שכנים־קאָנגרעסלייט פון די דערבייאיגע דיסטריקטען וועלען דערפיהלען דעם דרוק פון זייערע וועהלער, וועלכע וועלען נעהמען פאָדערן פון זיי אַ רעכנונג פון זייער טהעטיגקייט. און די קאָנגרעסלייט, אויס גוט בערעכענטען אינטערעס און אויס פּשוט'ען קאָנקורענץ־געפיהל, וועלען מוזען דיעזע פאָדערונגען נאָכקומען. און ווען אויף דער איסט־סייד האָט מען ביז אהער געקוקט ווי אויף אַ נעסט פון פערשיעדענע פּאָליטישע מגפות, וועט עס איצט מקוים ווערען אין אַ העכערן זין: די מגפה פון די שטייגענדע פאָדערונגען פון די וועהלער און פון דער וואַקסענדער פעראַנטוואָרטליכקייט פון די קאָנגרעסלייט. און ווען ניו יאָרק וועט אָנגעשטעקט ווערען, וועט שוין דאָס לאַנד זיך ניט אויסהיטען, וואָרים גרויס איז די אָנשטעקענדע קראַפט פון ניו יאָרק. און דאָס וועט זיין אַ זיעג, אַ פּאָליטישער פּראָגרעס פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, און אין איהם וועלען מיר סאָציאַליסטען האָבען ניט קיין קליינעם חלק.

איך פיהל, אַז איך האָב געזאָגט זעהר וועניג און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז געזאָגט געוואָרען ניט גרינדליך. און איך האָב שוין אַ פאַרטיגען תירוץ: איך בין שוין „ביזי“... וועל, ווען דאָס זאָל זיין מיין ערשטע און איינציגע זינד, וואָס איך וועל בעגעהן אלס קאָנגרעסמאַן, וואָלט איך געווען צופריעדען.

ז. ברכות

שטאַרקער ווי דער טויט

(אַראַבישע מעשה)

נאָך האַלבען טאָג בין איך אין משמר הירדון געקומען. זאַריף האָט שוין געוואַרט אויף מיר. ער האָט מיט זיך צוויי פערד געבראַכט, און מיר האָבען זיך געלאָזען אין וועג אַריין.

אַ שווערען איינדרוק מאַכען די גלעד'ר בערג. אַ וויסטער געגענד, וואו אַ גאַנצען טאָג בעגעגענט מען קיינעם ניט אין וועג, און אויב יאַ איז מען זיכער, אַ דאָס איז אַ רויבער. ווייט איינס פון דעם צווייטען ליעגען צוואָרפען די אַראַבישע ביידלעך און דערפער.

גרויסע טשערעדעס שאָף און גמלים זיינען אויף די בערג און טהאָלען צוואָרפען. זעהר שווער איז וואַסער צו געפינען, איבערהויפּט זומער, וואו אַלעס ווערט פון די היצען פערברענט און פערטריקענט. און נור אין אַ פערבאָרגענעם שטיין אָדער לאָך, וואָס נור דער אַראַבער אַליין וויים, קען מען געפינען אַביסעל רעגען־וואַסער. אָבער גאָר אַנדערש איז געוועזען די צייט בעת מיר זיינען געפאָהרען.

די לופט איז געווען פייכט. אין אַלע שטיינער, טאָלען און לעכער האָט געשפּיעגעלט און געשימערט דאָס וואַסער געגען די זון. די בערג, וועלכע האָבען אַזוי ווי געטרויערט אין שוואַרצען אָנגעטהאָן, זיינען גרין געווען און אַפילו די לופט, וועלכע איז דעם גאַנצען זומער טויט און אָהן שום בעוועגונג איז יעצט פול מיט אַלערליי געזאַנג און קולות וואָס הילכען ביז'ן הימעל. און דאָרט ווייט אין דער הויך זעהט מען גאַנצע מחנות גרויסע פייגעל. אין אַ שפּיציגען דריי־ווינקעל פליהען זיי ערגיץ אין אַן אָרט, נור פאַר זיי בעוואוסט.

רוהיג געהען אונזערע פערד און שאָקלען מיט די קעפּ. זאַריף האָט ביז די אויגען זיין פּנים פערוויקעלט. איך האָב עס אויך געטהאָן. עס איז שוין גאַנץ שפּעט געווען. ער האָט אַפילו ניט געפרעגט ווער איך בין. מיר האָבען געשוויגען, עס האָט זיך טאַקי ניט רעדען געוואָלט. שווער איז געווען איבערצוגעבען דאָס וואָס מען האָט געפיהלט.

עפּיס אַ מאָדנע מיעדקייט, אַ זיסער דרעמעל, אַ גרינגער חלום, אַזוי ווי מען וואָלט מיך

געוויגט. איך בין געזעסן און געשאָקעלט זיך מיט דעם געמיטליך־רוהיגען טראַט פון דעם פערד. אזוי ווי די שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון וואָלטען זיך מיט די בערג געזעגענט, זיינען זיי אין די קליינע בלאָטקעלעך געלעגען, מיט פיעל־פאַרביגע פונקטען בעדעקט.

די אונגעשטערטע, טיעפע און דאָך לעבעדיגע שטילקייט, וואָס האָט זיך פלוצלונג אויף די בערג אראָפּגעלאָזען האָט אויך אונז אריינגעכאַפּט און פעסט אין איהר נעץ געהאַלטען. געפיהלט האָבען דאָס די פערד און צייטענווייז צו אונז זייערע קעפּ געקעהרט, ווי זיי וואָלטען אונז אויפמערקזאם געמאַכט און געהייסען טהאָן דאָס, וואָס די גאַנצע ארומיגע וועלט טהוט — מיט זיי צוזאַמען רוהען.

גאַנץ ווייט, אויף דעם רעכטען ווינקעלראַנד, וואו די ערד מיט'ן הימעל האָבען זיך בעגעגענט, האָט מען טשערעדעס געזעהען, וועלכע זיינען איילענדיג צו זייערע ביידלאַך געלאָפען, און די שווארצע געשטאַלט פון דעם אראַבער, דעם פּאַסטוך, האָט זיך ווי א זעגעל אויף קליינע כוואַליעס געהויבען איבער די ווייסע שאָף. אלץ נידריגער און נידריגער האָט זיך הינטער אונז די זון אראָבגעלאָזען. לאַנגע שאָטענס פון די בערג און פעלזען און אויך פון אונזערע פערד און פון אונז די רייטערס האָבען זיך איבער דער ערד געצויגען; א שטראַהל האָט זיך אויף איינינגע היגלען פערהאַלטען, אָבער גלייך איז ער אויך פערשוואונדען. ס'איז נאַכט.

אָבגעהאַקט האָט איינינגע מאָל א נאַכט־פויגעל אויסגעשריען. ס'איז קאַלט געוואָרען. איך האָב ניט געפרעגט וואוהין מיר פאָהרען. איך האָב מיך אויף זאריפ'ן פערלאָזען. שוין פיעלע שטונדען ווי מיר פאָהרען און ער טראַכט זיך ניט אָבצושטעלען ביי די ביידלעך, וואָס מיר האָבען צייטענווייז אויפ'ן וועג געזעהען. די גאַנצע צייט איז ער אין איין ריכטונג געפאָהרען אזוי ווי ער איז שוין דאָ ניט איין מאָל געווען.

און דער שלאָף האָט זיך אויף דער ערד אראָבגעלאָזען. פון ערגיץ האָט זיך א זינגען געהערט. אבו־זאריף האָט דעם פערד צוגעשטעלט, איינגעהערט זיך און דעם וועג געביעטען, אויפ'ן קול געפאָהרען; הינטער א קליינע בערגעל האָבען מיר אראַבישע ביידלעך דערזעהען.

מיט א שטאַרקען בילען האָבען אונז די גרויסע קאַדלאַטע הינד בעגעגענט. אין די ביידלעך איז מען שוין געשלאָפען. ארום א פייער זיינען איינינגע אראַבער געזעסן. די טשערעדעס זיינען אויף דער ביינאַכטיגע פּאַשע ארויסגעטריעבען. איינינגע אָנגעזאָטעלטע פערד זיינען ביי די ביידלעך געשטאַנען.

דערזעהענדיג אונז האָט זיך אן אראַבער פון פייער אויפגעהויבען, עפּיס מיט זאריפ'ן גערעדט און צוריק אויף זיין אָרט זיך געזעצט. זאריף איז ווייטער זיין וועג געפאָהרען.

אלץ פינסטערער און פינסטערער. ווי אונפאַרמיגע קופּעס האָט מען פאַר זיך די בערג געזעהען. די לופט האָט זיך ניט גערוהרט. דער שאַקאַל האָט געשוויגען, און פלוצים . . . אזוי ווי פון דער נאַכט און פון יענעם הימעל, וואָס איז איבער אונזערע קעפּ געלעגען, האָט זיך א קול דערהערט. א קול פון ליידענשאַפט און ליידען, פול צער און צאָרן, פול רציחה און ווילדקייט, שטרענגקייט און צערטליכקייט.

דריי אָבגעהאַקטע קולות: אן אויסרוף, אן אויסגעשריי און א קרעכץ, און עס איז ווייטער שטיל, און ווייטער איז רוהיג די אויפגעציטערטע שטילקייט, וואָס נעהמט אונז אזוי ליעבליך ארום. — אוף יא ליעל, או או, אוף יאלעלעל! —האָט זיך ווייטער צוטראָגען, נאָר נאָך שטאַרקער און שרייענדער און שאַרפער מיט א טיטאַנישע ביינקשאַפט, און מילדקייט, און ווייטער אָבגעריסען.

ווי מיט אן עלעקטרישען שטראָם האָט מיר דער געשריי אויפגעטרייסעלט, די צוים איז פון האַנד ארויסגעפאַלען, מאַכטלאָז ווי א קינד בין איך געבליעבען זיצען איינהערענדיג זיך אין דעם קרעכצען, וואָס האָט זיך איבער מיין קאָפּ געטראָגען אלץ שטילער און שטילער ביז עס איז פערשוואונדען אין דער הויך, אין דער הויך.

— אה, יא ליעל! — האָט זיך א געשריי ווי פון א גרויסען פעלז אָבגעריסען און מיט אימפּעט אין אבגרונד געפאַלען. איך בין שיער פון פערד ניט ארונטערגעפאַלען, וועלכער האָט א פּאָר אונרוהיגע טריט געמאַכט און איינציגע קולות ווי פון א חאַרחלענדיגע האלז, ווי אן אָדלער־געשריי, האָבען ניט אויפגעהערט איינס נאָך דעם צווייטען נעבען מיר צו פאַלען. איך האָב מיך אומגעקוקט. זאריף איז אויף זיין פערד געזעסען און זיך אין אלע זייטען געשאָקעלט, זיין פּנים צום הימעל געהויבען און ברייט די אויגען געעפענט, אָבגעוואָרפען א ברעג פון דער טיכעל און מיט דעם צווייטען זיין מויל פערדעקט, פון וואָס נאָך פולער און אין דער אייגענער צייט פערדומפּפּטער האָט זיין קול געקלונגען.

— אוף יא ליעל, יא ליעלעל, יא ליעל!
— האָט ער ניט אויפגעהערט צו קרעכצען. די צווייטע זייט טיכעל פון מויל אָבגעוואָרפען און פריי האָט זיך זיין קול צוטראָגען. געבליצט האָבען זיינע צייהן אין דער פינסטער, זיך געדונקעלט זיין געזיכט, מען האָט ניט געקענט מערקען ווי ער זינגט, נאָר אן אָפענעם מויל — האָט מען געזעהען.

אָה יא לייי־ע־ע־עללל! — האָט ער זיך אלץ מעהר פערגאַנגען און פערצויגען און מיט א מאָל אָבגעריסען, און נאָך א קליינעם שווייגען אָנגעהויבען :

צוויי פון איין שטאַם זיינען זיי געווען,
צוויי צו איין משפחה האָבען זיי געהערט,
אויף איין באַרג זיינען זיי געזעסען,
פון איין קוואַל וואַסער געטרונקען,
אויף דיזעל־ע פעלדער די טשערעדעס געפיטערט.
געאַכטעט פון דער וועלט איז אבו־רומח געווען,
פון אַלע וואָס האָבען איהם געהערט און געזעהן.
וווייט האָט זיין אמת געקלונגען, פיעל פריינד האָט ער געהאַט.

און אויך געליעבט איז אבו־דגן געווען,
די הינד בני־סחר האָבען זיין פּנים געוויכט.
די ברכה פון דעם נביא האָט אויף זיי גערוהט,
געבענשט דער שוואַרצער באַרג וואו זייערע געצעלטען שטעהען.

די קליינע בינט־על־טמר, די טאָכטער פון אבו־רומח,
דער קליינער זאריף, דער זוהן פון אבו־דגן,
האָבען צוזאַמען די טשערעדעס געפיטערט.
עס געהען די יאָהרען:
זיין אָרט האָט דער באַרג ניט געביטען,
די צייט האָט איהם ניט געצייכענט,
נאָר אַלט איז אבו־רומח געוואָרען.
ער וואַרט ביי דער טהיר פון זיין ביידעל
אויף דעם גאַסט וואָס אַללאַ וועט איהם שיקען.
אויך אבו־דגן איז פון דער צייט ניט אַנטלאָפען,
מיט די בליהונג פון מאַנדלען איז זיין באָרד באַשאָטען.
פאַר'ן שוועל פון געצעלט הייבט ער צום נביא די הענד

און וואַרט אויף זיין רוה.
און די טשערעדעס פיטערען ניט די קינדער,
אין געצעלט פון דעם פאָטער זיצט בינט־על־טמר.
ווי דער טויטעל אין וויסטע איז בינט־על־טמר געוואָרען.
אויך זאריף טראָגט דעם אגאל אויף א זייט,
מיט שפּראָצונג פון מאַנשאַפט איז זיין ליפּ בעדעקט,
דעם ביקס, זיין פריינד, לאָזט ער ניט פון האַנד,
מיט פרייד בעגעגענט די שקאַפּע זיין שטים.
פיעל גמלים, שאָף האָט ער צו זיין פאָטער געבראַכט,
קלינגט זיין נאָמען וווייט אין דער וועלט —
דער נאָמען איבן־יוסף אבו־דגן.
און איבן־יוסף האָט דעם פאָטער געזאָגט:
די ערד פון די סחר האָט מיין פערד געטראָטען,
פון אינסוריה די בערג האָבען מיין תפילה פערנומען,
די וואַסערן פון דזעש האָבען מיין פּנים געשפּיעגעלט,

פון דרוז די טהאָלען מיין קול געהערט.
די צייט איז געקומען, מיין געצעלט וויל איך שטעלען,
זאָל די טאָכטער פון אבו־רומח מיין אויוועןן הייצען,
די טאָכטער פון דעם טויטעל מיין ברויט באַקען.
עס בענקט נאָך איהר מיין פערד.
דעם גמל דעם געלען האָט אבו־דגן געזאָטעלט,

פון וואָל דעם ברוסט־באַנד אויף זיין האַרצען געבונדען,
שאַלען, טעפּיכער אויף זיין רוקען געוואָרפען,
די זקנים פערזאַמעלט, צו אבו־רומח געשיקט.
מיט געבויגענע קעפּ האָבען די זקנים זיך אומגעקעהרט.
צו דער ערד האָט דער גמל זיין האַלז אָבגעלאָזען,
שטומען די מעסענע גלעקלאך אויף איהם.
און גערעדט האָבען די זקנים, געזאָגט:
אויפ'ן שוועל פון אבו־רומח האָבען מיר ברויט געגעסען,
דער ריח פון פלייש האָט זיך איבער אונז געטראָגען,
געפרעגט האָבען מיר איהם:
וואַקסט אין דער ביידעל דער טויטעל פון דער וויסטע,

רויט זיינען די פּרות פון דער זון אָנגעזאַפּטע,
ברייט צוואוואַרפט דער טאמאריסק זיינע צווייגען—
אין דעם אויוועען פון איבן־דגן איז ברויט ניט געבאַקען.
מיט דעם הייליגען נאָמען האָט אונז אבו־רומח געשוואָרען:
הויך איז דער טויטעל צום הימעל געהייבען,
וווייט האָט דער טאמאריסק דעם שטן צוצויגען,
קאַלט איז אָבעה ביי מיין קרוב אבו־זעלעף דער אויוועען,
אויך זיין לאָשאַק דער קליינער האָט מיין וואַסער געטרונקען.
אין ביידעל האָט זיך איבן־יוסף געלעגט,
אויף חאַזזאַ*) ניט געגאַנגען, דעם ביקס אויפגעהאַנגען,
דעם פערד ניט געפּעסטעט, דעם זאָטעל געלאָזען,
מיט דער אבאיע זיין פּנים פערדעקט.
געקומען איז דער טאָג פון דעם וואַשען.
אויך בינט־על־טמר איז וואַשען געקומען.
און א שטים האָט פון די בערג געקלונגען:
„בערג, איהר בערג! מיינע עדות זיינט איהר!
אין וואַסער בינט־על־טמר האָט איהרע קליידער געוואָרפען,
אויף זיך מיין העמד האָט בינט־על־טמר גענומען,
איהרע אַקסלען האָט בינט־על־טמר מיט מיין טוך באדעקט“.
ווי דער ראָזאַל*) איז בינט־על־טמר פון וואַסער געלאָפען.
און ווייטער האָט איבן־יוסף געטרויערט.
און אם־יוסף, זיין באָבע, איז איהם טרויסטען געקומען,
א שטעקען האָט איהר די צייט געגעבען,
די יאָהרען האָבען זי צו דער ערד געבויגען,
און געזאָגט האָט זי איהם:
מיט דעם נאָמען פון נביא, מיין זוהן,
מיט דעם הייליגען אללאַת און קאָראַן

---

*) אויף חאַזזא — אויף רויב.
*) ראָזאַל — סערנע.

זאָג מיר וואָס איז אויף דיין האַרצען ?
הילכט דיין נאָמען אויף דער וועלט,
פאַר דיין אויסזעהן אַנטלויפען די פיינד,
פיעל גמלים און שאָף אין די פעלדער
און פעסט איז דער רומח אין דיין האַנד.
געוויינט האָט איבן־יוסף:
ניט גמלים און שאָף אין די פעלדער,
ניט דעם רויב אויף די וועגען און בערג,
ניט דעם רומח וועט האַלטען מיין האַנד,
אויב בינט־על־טמר וועט מיין ברויט ניט באַקען.
און ווייטער האָט די אַלטע גערעדט:
שעהן און שטאָלץ זיינען די טעכטער פון אחוואַטווע,
דער טוי פון פריהמאָרגען האָט זייערע לייבער געוואַשען,
דער הויך פון די בערג האָט זייערע קערפערס געבאָדען.
מיין האַרץ איז פערברענט — האָט איבן־יוסף געקלאָגט.
דער קלאַנג פון בינטעל־טמר פערפאָלגט מיך נאָך איצט.
וואו זיינען די טעג—זי האָט מיר קראַנצען געפלאָכטען,
וואו איז דער טאמאריסק, וואָס האָט אונז אין שאָטען געהאַלטען,
איינזאַם איז דער באַרג, אַליין דער טאמאריסק,
טרויעריג בלאָנדזשען די שעפּסען אין די פעלזען,
ניט געקיהלט איז מיין האַרץ,
פינסטער זיינען מיינע אויגען,
פרעמד איז מיר מיין פערד
און דער שווערט ביי דער זייט,
אָ יאַ ליעל, יאַ ליעל, יאַ ליעל!

האָב איך געהערט ווי איבן־יוסף האָט זיין געוויין איבערגעריסען.

— אָ, דו נאַכט! — האָט ער געקרעכצט, געוויינט און געבעטען די אַלטע באבע, זי זאָל איהם העלפען.

— אָ, דו נאַכט, דו נאַכט! — האָט ניט אויפגעהערט קלינגען אין מיינע אויערן.

מיין האַרץ איז פער׳שרפ׳עט,
די אויגען פערגאָסען,
טויב זיינען מיינע אויערן,
דער טאָב ברענט מיר מיין לייב.

אָ, דו נאַכט! — האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייען, שילטען און מיט די צייהן קריצען.

ווי פון א כשוף האָט מיך מיין פערד אויפגעוועקט. די צוים איז פון האַנד ארויסגעפאַלען און מיט די פאָדערשטע פיס האָט ער זיך פערפלאָנטערט. איך בין אראָבגעקראָכען, די צוים אויפגעהויבען און צוריקזעצענדיג זיך, זאריף׳ן דעריאָגט. ער האָט זיך אומגעקוקט.

— וואָס האָסט דו געזונגען? — האָב איך איהם געפרעגט. ער האָט ניט געענטפערט, און זעהר צואוויטיגט האָט ער געזיפצט און געקרעכצט אין דער נאַכט.

פון אלע זייטען האָט אויף אונז די נאַכט געלויערט. א שטילע, א רוהיגע האָט זי אויף אונז פון הימעל געקוקט, פון די בערג געהיט און פון די טהאלען געקראָכען. גאַנץ שטאַרק האָט שוין דער ווינד געבלאָזען. פעסטער האָב איך זיך אין דער אבאיע איינגעדרעהט. ווי די פליגעל פון א גרויס שווארץ פויגעל זיינען די ברעגען פון זאריפ׳ס אבאיע ארומגעפלויגען, און פלוצים האָט ער דעם פערד א טרייב געטהאָן און ווי א טייוועל האָט ער זיך אָנגעהויבען אומטראָגען אהין און צוריק, מיט דעם שווערד געפאָכט, און געשריען, געשריען.

מיין פערד האָט אויך אָנגעהויבען טאַנצען א צורייצטער פון זיין לויפען. איך האָב איהם קוים איינגעהאַלטען.

— קיף יא חאוואדיא! (וואָס, מיין הערר ?!)—איז ער צו מיר צוגעלאָפען און דעם פערד אויף אַלע פיער פיס געשטעלט.

— לויף נאָך מיר! — האָט ער זיך ווייטער פון אָרט א ריס געטהאָן. מיין פערד נאָך איהם און אזוי זיינען מיר איינער נאָכ׳ן צווייטען נאָכגעלאָפען.

עפּיס א מאָדנער געפיהל האָט מיך ארומגעכאַפּט; עפּיס אזא וואָס האָט מיין האַרץ אזוי צושפּרייט, אז אָט אָט ווערט עס צושפּרונגען. עפּיס א מאָדנער כח האָט מיר געטראָגען און אויך מיין פערד געטריעבען.

מיט א ווילדען געשריי בין איך זאריפ׳ן נאָכגעלאָפען, מיין ביקס האָב איך איבער׳ן קאָפּ געדרעהט. א אונגעהייערע קראַפט האָט מיך בעהערשט. די בערג וואָלט איך געקענט איבערקעהרען. צוויי מאָל האָב איך פון מיין ביקס אויסגעשאָסען און מיט א שאַרפען זזמממ... זיינען די קוילען אין דער הויך פערשוואונדען.

— מען דאַרף ניט שיסען! — איז זאַריף צאָרענדיג צוגעלאָפען און שטיל זיינען מיר שוין ווייטער געפאָהרען.

דער שאָס וואָס האָט אזוי די נאַכט אויפגעוועקט און אויף וואָס די בערג האָבען געענטפערט האָט אויך ביי אונז דעם גאַנצען ארומלויפען און פרייד צוגענומען.

שטיל איז געווען. קיינעם האָט מען ניט געזעהען און ניט געהערט. דער שאקאל שרייט אויס און האַקט גלייך אָב. ווען ניט ווען זעהט מען דורכלויפען א שאַטען, א דעבע אָדער א פיקסעל. די נאַכט־פויגעל, די „בומע“, זאָגט אַלעמען אָן, אז מיר פאָהרען און אויף אונז ווען פרעמדע קומען אָן. קיין ביידלעך, קיין מענשען. די וועלט שלאָפט.

און ווייטער האָט זאריף אָנגעהויבען זינגען, און ווייטער האָט ער געזיפצט און צו דער נאַכט געטרויערט.

— וואָס איז דאָס ליעד ? — האָב איך איהם אייניגע מאָל איבערגעפרעגט.

ער האָט געשוויגען. נאָר פּאָרוואָרפענדיג די טיבעל אויף הינטען האָט ער ווייט אין דער נאַכט מיט זיינע אויגען געקוקט און ווייטער געזונגען. אייניגע מאָל האָט ער די ווערטער פון איבן־יוסף איבערגע'חזר'ט, אַזוי ווי ער אַליין איז איבן־יוסף און ווי ער האָט עס די מיידעל ליעב געהאַט.

און העכער האָט ער זיין קול געהויבען, שטאַרקער האָט זיין שטים געקלונגען. און געזונגען האָט ער ווייטער:

אין זיין ביידעל איז איבן־יוסף געלעגען,
קיין עסען, קיין טרינקען גענומען,
בלאַס איז זיין פּנים געוואָרען
און גערעדט האָט די אַלטע אם־יוסף:
דיינע אויערן צו מיר זאָלסטו קעהרען,
דיינע אויגען צו מיר זאָלסטו ווענדען,
מיינע רייד אין דיין האַרצען פערנעהמען:
עס נעהמט קיין געלד אבו־רומח!
א פּאָאר טעג זאָלסטו ליגען און נעכט,
פאַר געשטאָרבען זאָלסט מאַכען דיין גוף,
די זקנים שעב'עס פערזאַמלען
און ריידען צו זייער האַרצען אַזוי:
שטאַרק איז אַזראַהים אין זיין הערשאַפט
און שטאַרק איז דער קיפּאַרים אויפ'ן פעלז,
פיעל צווייגען און שאָטען פערשפּרייט ער,
פאַר די חיות און פייגלאַך אונטער איהם.
אָבער דער טאַמאַריסק דער יונגער
ער האָט קיין צווייגען, קיין שאָטען,
און עלענד, פון דער זון א פערברענטער,
ווערט ער פון דער וועלט פערשוואונדען.
און אַזוי האָט איבן־יוסף געטהאָן.
די שעב'עס, דערווישען, משפּחה גערופען,
גערעדט צו זיי און געזאָגט:
מיין צייט איז געקומען, אַזראַהים שטעהט מיר צו קאָפּענס.
מיט דעם נאָמען פון נביא און הייליגען קאָראַן
אויף דעם גמל דעם געלען זאָלט איהר מיך אנלאַדען,
דעם רומח, דעם שווערד, מיין ביקס אויפלעגען,
צום טאַמאַריקס זאָל מיך פיהרען דער שעך.
ביי דעם שוועל פון אבו־רומח זאָל קניען דער גמל
און אַזוי זאָלט איהר ריידען צו איהם:
שוואַך איז דער בוים, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען,
מען פערגעסט דעם בוים, וואָס האָט קיין צווייגען, קיין שאָטען,
הויך איז דער טמר צו דער זון אויפגעהויבען,
ניעדריג צו דער ערד האָט דער טאַמאַריקס זיין קאָפּ אַנגעבויגען.
און אַזוי איז געוועזן:
געקניעט האָט דער גמל ביים געצעלט אבו־רומח'ס
געהויבען האָט דער שעך זיינע הענד צום הימעל
און געזאָגט:
ווייט אין דער וועלט קלינגט דער נאָמען פון אַללאַ,
דער נאָמען פון זיין נביא און דעם הייליגען בוך,
געזאָגט האָט ער אונז ביי דעם שטיין פון קאַאבאַ,
מיט דער ליעבע צום פריינד וועסט דו קומען אין גן עדן.
אין גן עדן וועט קומען, ווער האָט צווייגען געלאָזען.
ווי חאַשיש*) אין פעלד איז דער מאַן און די פרוי.
און אַרויס איז אבו־רומח דער אַלטער:
גרויס איז דער באַרג, אויף וועלכען מיר זיצען,
זיס זיינען די וואַסערן, וועלכע מיר טרינקען,
פיעל האָבען מיר וואָרצלען אין דער ערד צוצויגען,
און ווייט האָבען מיר אונזער שאָטען פערשפּרייט,
פון ווייטען קוקט איהם נאָך דער געהער צו־פוס,
אין האַלבען טאָג, ווען די זון איז אין מיטען;
און הענגט אין זיינע צווייגען די תפלה
אויף דער נאַכט, ווען די זון געהט אונטער;
ביי דער באָרד פון מיין פאָטער און ביי מיין טאָכטער בינט־על־טמר
רוף איך צו דיר, אַללאַ, און צום הייליגען נביא,
דעם בכור פון שעפּסען און גמל דעם שוואַרצען
גיב איך דיינע דערווישען, דיינע שלוחים;
הונדערט מאָס ווייץ, פופציג מאָס גערשט,
פינף זעק דורע וועל איך אָרימע צוטיילען,
איבן־יוסף זאָל זיך צו אונז אומקעהרען.
אָבער רוהיג איז דער גמל געלעגען,
ווי פריהער האָבען ווייבער געקלאָגט
און ווייט האָט זי זייער קלאָג צוטראָגען
איבער'ן באַרג צו דעם הימעל און וואָלקענס.
אַללאַ, וואָס האָט דעם נביא געפיהרט,
די וועלט אונטערטהעניגט און זיין קראַפט געוויזען,
ווייז דיין גרויסקייט און גיב אונז אָב איבן־יוסף.
דעם לאַשעק פון צוויי יאָהר, גיב איך מיין נדר,
צו דיין הייליגען הויז אין מדנה צו פיהרען.
און א נס איז געשעהן:
דער טויטער האָט זיך גערירט, געציטערט....
און געשריען האָט אבו־דגן:
היי אבו־רומח, דער פאָטער פון טמר!
ניט שטאַרקער איז די ליעבע פון גרויזאַמען טויט!
אומזיסט איז דיין בעטען, אומזיסט איז דיין שרייען,
אזראהים לאָזט ניט אָב זיינע קנעכט פון דער תפיסה.
גרויס איז דיין זינד פאַר זיין גאָט און זיין נביא.
דיין רומח האָט אבו־דגן געטראָפען:
דער טמר האָט דעם טאַמאַריסק אומגעוואָרפען.
און גערופען האָט דער אַלטער אבו־רומח:

*) חאשיש — א ווילדע גראַז.

מיט דער באָרד פון דעם נביא און זיינע
הייליגע טריט,

ניט געוואָלט האָט דער רומח אבו־דגן טרעפען,
עס קען ניט דער טמר דעם טאמאריסק אומוואַרפען.
גרויס איז אַללאַ און גרויס זיינע מעשים.
ניט עסען וועט דער מענש פון טמר די פרוכט
פאַר'ן טאמאריסק אן אויסלייז וועט דער
טמר זיין...

און אַללאַ האָט זיין וואונדער געוויזען,
פון דעם אָרט האָט זיך איבן־יוסף געהויבען,
און וואַסער צום טרינקען געבעטען...

און זאריף איז אנטשוויגען געוואָרען!

געשוויגען האָט אַלעם ארום, אזוי ווי די נאַכט וואָלט זיך נאָך איינגעהערט און בעוואונדערט דעם נס, וואָס אַללאַ האָט געטהאָן. ניט רעדענדיג בין איך זאריפ'ן נאָכגעפאָהרען, שטיל פאר זיך אַליין האָט ער נאָך עפּיס געמורמעלט. איך האָב ניט געקענט פערשטעהען וואָס.

שוין שפּעט ביי'ן טאָג זיינען מיר ניעדריגער פון זגום צו דעם ים כנרת אראָבגעפאָהרען. אויף מיין גליק האָב איך דאָרט געטראָפען א שיפעל, וואָס איז געקומען נעהמען האַלץ. איך האָב מיך מיט זאריפ'ן געזעגענט און מיט דער שיפעל אויפ'ן צווייטען זייט אין טבריה איבערגעפאָהרען און פון דאָרט אין ירושלים.

מאָררים הילקוויט

דער סאָציאַליזם און די מלחמה

1. די אורזאַכען פון דער מלחמה.

ארום דריי הונדערט פופציג סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען זיצען אין די נאַציאָנאַלע פאַרלאַמענטען פון די לענדער, וואָס זיינען פערוויקעלט אין דער אייראָפּעאישער מלחמה. זיי פערטרעטען מעהר ווי זיעבען מיליאָן מענער־בירגער, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען פעהיג צו טראָגען וואַפען. אויף אזא אופן זיינען די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען פּאָליטיש און פיזיש א וויכטיגער און ווירקזאַמער טייל פון די קריעגפיהרענדע נאַציאָנען, און זייער שטעלונג צו מלחמה דאַרף זיין פון אויסערגעוועהנליכען אינטערעס פאַר דער גאַנצער וועלט.

די האָפנונג מיט וועלכער מיליאָנען האָבען זיך נאָך געטרייסט אין יולי, אז די סאָציאַליסטען וועלען זיין בכוח ניט צו דערלאָזען, עס זאָל קומען צו א וועלט־בראַנד, איז צושמעטערט געוואָרען אין אויגוסט. די אָנהענגער פון אינטערנאַציאָנאַליזם און פריעדען שטעהען איצט איינע געגען די אַנדערע מיט וואַפען אין די הענד און זיי קעמפּפען מיט'ן זעלבען פייער ווי די שאָוויניסטען פון זייערע לענדער. אָט די שוידערליכע לאַגע האָט געמוזט ארויסרופען די ביטערסטע ענטטוישונג אין די הערצער פון די סאָציאַליסטען און סאָציאַליסטישע סימפּאַטיזירער פון יונייטעד סטייטס און די איבריגע לענדער, וואָס זיינען אין דער מלחמה ניט פערוויקעלט.

איז דער גלויבען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער און ברידערליכקייט געוועזען בלויז א הוילע, זינלאָזע פראַזע? איז דער שטאָלצער בנין פון אָרגאַניזירטען סאָציאַליזם, וואָס איהם אויפצובויען האָט גענומען א האַלבען יאָהרהונדערט, זיך צונויפגעפאַלען ביי דער ערשטער בעריהרונג מיט א גרויס סאָציאַלען געשעהניש? דאַרפען מיר אַוועקוואַרפען אונזערע שלאָגווערטער, אונזערע פּרינציפּען, וואָס האָבען בעגייסטערט צום העלדישען קאַמפּף צוויי דורות פון דענקער און טהוער? דאַרפען מיר רעווידירען אונזער פילאָזאָפיע, אונזער לעהרע, אונזער טאַקטיק צוליעב דעם, וואָס די געשעהנישען האָבען אין דער איצטיגער מלחמה זיך ענטוויקעלט אויף אזא איבעררא‏שענדען אופן?

די און אַזעלכע פראַגען, וואָס ווערען איצט היציג דיסקוטירט אין סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע קרייזען, וועל איך זוכען צו פערענטפערען אין דיעזער אַרטיקעל־סעריע.

איך וועל פּרובירען אויפצייכנען די אָנגענומענע סאָציאַליסטישע טעאָריען וועגען די אורזאַכען און פאָלגען פון אינטערנאַציאָנאַלע מלחמות; אַנאַליזירען די פּראַקטישע סאָציאַליסטישע פּאָרשלעגע, ווי אזוי מלחמות צו פערהיטען אָדער בעשרענקען, כדי אויסצוגעפינען אין ליכט פון די נייע פאַקטען, וואָס מיר פערמאָגען איצט, אין ליכט פון דער אייראָפּעאישער מלחמה, צו די טעאָריעס און פּאָרשלעגע האָבען אויסגעהאַלטען די פּראָבע צו ניט?

מיר וועלען אָנהויבען דערפון, אז עס איז

*) דאָס איז דער ערשטער פון א סעריע אַרטיקלען, וואָס ווערען געשריעבען ספּעציעל פאַר דער „צוקונפט“ און „מעטראָפּאָליטען“.

פאַרהאַן א ראדיקאַלער אונטערשיעד צווישען דער סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער מלחמה און דער פילאָזאָפיע פון די ניט־סאָציאַליסטישע שלום־זוכער. די בורזשואזע אַדוואָקאַטען פון שלום בעטראַכטען געוועהנליך מלחמות און מיליטאַריזם אַלס א בעוואוסטזיניגע און פרייוויליגע איינפיהרונג פון די פערבלענדעטע רעגיערונגען, און זיי פערדאַמען מלחמות אויס קאָמערציעלע און מאָראַלע גרינדע. זיי זוכען צו בעווייזען, אַז דער מיליטאַריזם איז פערבונדען מיט אונגעהויערע פערלוסטען אין לעבענס און אייגענטהום, מיט שטענדיגע אונפראדוקטיווע הוצאות און זיי גלויבען נאַאיוו, אַזוי שנעל ווי מען וועט די מעכטע איבערציייגען, אַז מלחמות צאָהלען זיך ניט, וועלען זיי פרייוויליג אויפגעבען דיעזען סאָרט „ביזנעס" זייערע. די סאָציאַליסטען, פערקעהרט, פערשטעהען, אַז אונטער די עקזיסטירענדע בעדינגונגען זיינען מלחמות אונפערמיידליך.

ווי ווייט די געשיכטע דערגרייכט, האָבען די פעלקער כסדר צו טהאָן געהאַט מיט מלחמות וואָס פלעגען מיט קליינע אונטערברעכונגען קיינמאָל ניט אויפהערען. קיין פעריאָד פון דער וועלט־געשיכטע איז ניט פריי געווען פון די מלחמה־שרעקען. אינטערנאַציאָנאַלע מלחמות זיינען אין אַלע צייטען געווען ענג פערבונדען מיט דעם סאָציאַלען און עקאָנאָמישען געביי פון דער געזעלשאַפט. אין יעדער עפּאָכע האָבען די הערשענדע קלאַסען פון די מעכטיגע נאַציאָנען אָנגעפאַנגען מלחמות און אַלע מאָל פאַר רויב־ציעלען. דער רויב איז געווען פערשיעדען לויט די בעדינגונגען פון דער צייט. אין אַלטערטום האָבען די נאַציאָנען, וואָס די עקאָנאָמישע גרונד־לאַגע פון זייערע געזעלשאַפטען איז געווען שקלאַפעריי, אָנגעפיהרט מלחמות מיט דעם צוועק צו פאַנגען שקלאַפען אום צו בערייכערן מיט זיי די ווירטשאַפט פון פאַטריציער . . . אין מיטעלאַלטער פלעגען די באַראָנען זיך וואַרפען אין קריעג אום צו עראָבערן לאַנד — אויסצושפרייטען די טעריטאָריע ארום זייערע רויב־נעסטען. די מאדערנע קאַפיטאַליסטישע רעגיערונג הויבען די וואַפען אום צו פערכאַפען אָדער איינצוהאַלטען די אויסלענדישע מערק פאַר זייערע פאַבריקאַנטען און הענדלער.

דער קאַפיטאַליזם איז הויפּטזעכליך א סיסטעם פון מלחמה.

צו אַלעם ערשט איז דאָס א מלחמה פון אינדיווידען, וואָס ווערט געפיהרט פאַר'ן אינדיווידועלען געווין. נור פאַר סטראַטעגישע צוועקען פעראייניגען זיך אויך די אינדיווידען אין גרופּען פון פערשיעדענער גרויס לויט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסען. צווישען זיך זיינען די קאַפּיטאַליסטען פון יעדער גרופּע פיינדליך און אנטאַגאַניסטיש, אָבער געגען די קאַפיטאַליסטען פון אַן אַנדער גרופּע מיט געגענגעזעצטע עקאָנאָמישע אינטערעסען, זיינען זיי סאָלידאַר און איניג. און ווייטער — געגען דעם ארבייטער־קלאַס אַלס א גאַנצען נעהמען זיך אַלע קאַפּיטאַליסטען און אַלע פערשיעדענע אינטערעסען־גרופּען פון קאַפּיטאַליסטען צונויף און ווערען ווי צונויפגעשמאָלצען אין איין גלייכאַרטיגען קלאַס, וואָס קעמפּפט פאַר די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל, אַלס קאַפּיטאַל, געגען די פאָדערונגען פון אַרבייט, אַלס אַרבייט. אויפ'ן זעלבען אופן איז יעדעס לאַנד, ניט קוקענדיג אויף די אינווייניגסטע עקאָנאָמישע געגענזעצע, פעראייניגט אַלס גאַנצעס געגען דער אינדוסטריעלער קאָנקורענץ פון יעדען אַנדער לאַנד.

וואָרים מיר מוזען זיך אריינגעהמען אין קאָפּ דעם הויפּט־וויכטיגען פאַקט, אַז א מאָדערנע נאַציאָן איז צו אַלעם ערשט אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן. דער גרונד־ציעל איז צו פערזיכערען די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון איהרע מיטגליעדער און אַלע איהרע אָרגאַנען אַרבייטען פאַר דיעזען גרונד־ציעל. א מאָדערנע נאַציאָן איז פריהער פון אַלץ און הויפּטזעכליך אַן אָרגאַניזירטע פּראָדוקציאָנס־געזעלשאַפט, וואָס טרעט אַרויס אַלס אַן איינהייט אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען וועלט־מאַרק. אַלע אַנדערע סמנים פון א נאַציאָן זיינען סמנים פון צווייטער קלאַסע אין פערגלייך מיט דיעזען הויפּט־כאַראַקטער איהרען. דער עלעמענט פון ראַסע האָט אָהן צווייפעל געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע ביי דער אויסבילדונג פון נאַציאָנען, אָבער ער קען קוים בעטראַכט ווערען אַלס וויכטיג און כאַראַקטעריסטיש פאַר די נאַציאָנען, ווי זיי זיינען איצט צונויפגעשטעלט. דער אונאויפהערליכער פּראָצעס פון ראַסענצונויפשמעלצונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטען יאָהרהונדערטע לאַנג, האָט פּראַקטיש אָבגעווישט די אַלע ראַסען־אונטערשידען. דער טיפּ פון א ריינער ראַסע איז פערשוואונדען אין אייראָפּא. די איצטיגע מלחמה האָט געגעבען דעם גרינדליכען בעווייז, אַז די מאָדערנע נאַציאָנען טאָרען ניט בעטראַכט ווערען פאַר אָבגעזונדערטע ראַסען־איינהייטען. והראיה, בעלגיען פערטהיידיגט ניט ווייניגער העלדיש איהר נאַציאָנאַלע גאַנצקייט, כאָטש איהר בעפעלקערונג איז צונויפגעשטעלט כמעט גלייך אויף גלייך פון צוויי טיילען, אַן אויסגעשפּראָכען ראָמאַנישען און אַן אויסגעשפּראָכען גערמאַנישען. עסטרייך און רוסלאַנד קעמפּפען ניט ווייניגער טיכטיג דערפאַר, וואָס זייערע בעפעלקערונגען זיינען א געמיש פון ראַסען אָהן א צאָהל.

די סאָציאַליסטען בעהויפּטען אַז די מלחמות מוזען ווערען אַלץ אָפטער און גרויזאַמער, וואָס מעהר דער קאַפּיטאַליזם דערנהענטערט זיך צו זיין העכסטע שטופע. ווען דאָס איצטיגע אינדוסטריעלע סיסטעם האָט זיך נאָך געפונען אויף דער ערשטער שטופע פון ענטוויקלונג, איז יע־

דעם לאַנד געווען הויפּטזעכליך אָנגעוויזען אויף זיך אליין. עס האָט זיך כמעט ניט גענויטיגט אין אויסלענדישע מערק. אָבער ביסלעכווייז האָט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג דערגרייכט דעם פּונקט, ווען דער אינערער מארק האָט אויפגעהערט צופריעדענצושטעלען די קאַפּיטאַליסטישע אַפּעטיטען. די ברייטע מאַסע, די ארבייטער ווערען גאָר נידריג בעצאָהלט און זייער קויפקראַפט איז זעהר בעגרענצט. דער אונפערברויכטער איבערפלוס פון די פּראָדוצירטע סחורות בלייבט שטעקען אויפ'ן מארק, פערהאַלט דעם האַנדעל, וואָס דאָס פיהרט צו קריזיסען. די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטען, בעזונדערס אין די הויךענטוויקעלטע אינדוסטריען, מאכען מעהר פּראָפיטען, וויפיעל זיי קענען געברויכען אָדער פערווענדען אין זייערע ביזנעס. זיי זיינען געצוואונגען צו זוכען נייע געלעגענהייטען, וואו זיי זאָלען קענען פערווענדען זייערע קאַפּיטאַלען, און ווען עס מאכען זיך ניט אזעלכע אין זייער אייגען לאַנד, נעהמען זיי זיך ארומקוקען נאָך פרעמדע לענדער. און דערביי ווייזען זיי ארויס א בעזונדערע פארליעבע פאר קאָלאָניעס און אבהענגיגע טעריטאָריעס און דאָס פיהרט צום מאָדערנעם אימפּעריאַליזם.

אימפּעריאַליזם איז פערהעלטניסמעסיג א נייע וואָרט אין פּאָליטישען ווערטערבוך פון אייראָפּאַ און זיין זין איז עטוואָס אונבעשטימט. דאָס מיינט מעהר ווי די טראַדיציאָנעלע קאָלאָניאַל־פּאָליסי, וואָס די רעגיערונגען פון שפּאַניען, האָלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען אָנגעפיהרט דורך די יאָהרהונדערטע. דער בעגריף אימפּעריאַליזם שליעסט איין אין זיך ניט בלויז די בעהערשונג פון טעריטאָריעס איבער די גרענעצען פון דער געאָגראַפישער פערשפּרייטונג פון דער הערשענדער נאַציאָן, נור אויך די שטרעבונג צו פערבינדען די טעריטאָריעס מיט'ן מוטערלאַנד אויף אַזאַ אופן, אז זיי זאָלען צוזאַמען בילדען א טאָן־געבענדע אינטערנאַציאָנאַלע מאַכט — אַן אימפּעריע. און דיעזע אימפּעריע זאָל וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויסשפּרייטען איהרע גרענעצען. צו דעם אימפּעריאַליסטישען פּראָגראַם געהערט נאָך געוועהנליך, אז דאָס מוטערלאַנד האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף די נאַטור־רייכטימער און מערק פון די קאָלאָניעס, האָט א רעכט צו פאָדערן פון זיי מיליטערישע הילף צום שוץ פון דער אימפּעריע, ניט פערפליכטענדיג זיך דערביי צו געבען זיי א דעה אין דער רעגיערונג.

עס ווערט בעהויפּטעט פון אויטאָריטעטען, אויף וועלכע ווי עס שיינט מען קען זיך פערלאָזען, אז די אייראָפּעאישע מעכטע, וואָס טרייבען אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק, זיינען געווען ניט זעהר מזל'דיג מיט זייערע קאָלאָניעס — די קאָלאָניעס האָבען ניט געגעבען קיין נייע געלעגענהייטען, וואו אריינצוטהאָן קאַפּיטאַל, און ניט קיין קויפער פאר פּראָדוקטען. ווען דאָס זאָל זיין אפילו אמת, דער פאַקט בלייבט א פאַקט, אז די הערשענדע קלאַסען זעהען זעהר רעטונג אין אימפּעריאַליזם און דער טאָן פון אימפּעריאַליזם האָט געקלונגען העכער פון אַלע אין דער פּאָליטיק פון די הויפּטמעכטע פון אייראָפּאַ, בעזונדערס פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך, פאר פולע 30—40 יאָהר.

אָבער דער ערד־קוגעל איז בעגרענצט, אייראָפּאַ איז פערנומען פון די קאָנקורירענדע אימפּעריעס גופא. פון אמעריקא האַלט זיי פון ווייטען די אונקאָמפּראָמיסליכע מאָנראָע־דאָקטרין, אויסטראַליען איז לאַנג פערכאַפּט פון ענגלאַנד. לאָזט מען זיך אַוועק קיין אַזיען און אַפריקאַ, וואו טעריטאָריעס קענען נאָך פערכאַפּט ווערען. און אזוי ווי אַלע אייראָפּעאישע מעכטע יאָגען זיך נאָך איין ציעל, זיינען אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען און צוזאַמענשטויסע אונפערמיידליך. דאָס האָט מען פאָראויס געזעהן, און דאָס האָט ענדליך געפיהרט צו דעם מיליטאַריזם, וואָס האָט נאָך שווערער געמאַכט דעם אזוי אויך פערפּלאָנטערטען צושטאַנד פון דער מאָדערנער אייראָפּאַאישער פּאָליטיק.

א שטאַרקע מיליטערישע מאכט איז אונבעדינגט נויטיג פאר א מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער רעגיערונג, בעזונדערס פאר אזא רעגיערונג, וואָס טראָגט זיך ארום מיט אימפּעריאַליסטישע פּלענער.

די ארמיי פון יעדער גרויסער אייראָפּעאישער מאכט איז פריהער פון אַלץ געמיינט פאר דעם אימפּעריאַליסטישען שכן אָדער קאָנקורענט, אָבער ניט פאר דעם אליין איז זי בעשטימט. די איינגעבאָרענע בעפעלקערונג פון די קאָלאָניעס האָט אין אלגעמיין ווייניג חשק צו געהערען צו אַן אימפּעריע און צו ווערען „ציוויליזירט“. זיי מוז מען בעצווינגען מיט דעם כוח פון וואַפען און מיט'ן זעלבען כח זיי האַלטען אין אונטערטעניגקייט. די ברוטאַלע בעהאַנדלונג, וואָס די איינגעבאָרענע האָבען אויסצושטעהן פון זייערע אייראָפּעאישע ציוויליזאַטאָרס, איז דער שווערסטער פּונקט אין דעם בעשולדיגונגס־אקט געגען דעם אימפּעריאַליזם.

נאָך מעהר — א הויך ענטוויקעלטע קאַפּיטאַליסטישע רעגיערונג נויטיגט זיך אין א שטאַרקער ארמיי פאר אינערליכע צוועקען כמעט אזוי ווי פאר אויסערע צוועקען. דיזעלבע עקאָנאָמישע שוידערליכקייטען, וואָס פיהרען צו דער פערצווייפעלטער פּאָליטיק פון אימפּעריאַליזם, רופען אויך ארויס א טיעפע אונצופריעדענהייט און אָפטמאָל אויך אונרוהען אין לאַנד גופא. דער מאָדערנער שטאַאַט איז געבויט אויף א וואולקאַן — שטענדיג שוועבט די געפאַהר פון א סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, און אַן ארמיי איז נויטיג איינצושטילען ערנסטע אונרוהען אדער אויפשטענד'ע, וואָס קענען אויסברעכען היינט־מאָרגען. מיט

זייער גאַנצען דעמאָקראַטיזם שטיצען זיך די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון אייראָפּא סוף־כל־סוף אויף דער מיליטערישער מאַכט.

און אַזוי ווי די טיכטיגקייט פון אַן אַרמיי און פלאָטע פון איין נאַציאָן ווערט נויטווענדיג געמאָסטען מיט זייער פעהיגקייט אויסצוהאַלטען אַ קאַמפף מיט דער אַרמיי און פלאָטע פון דער קאָנקורירענדער נאַציאָן, זוכט יעדע פון זיי נאַטירליך איבערצושטייגען די אַנדערע אין בעוואַפנונגען. דיעזע מיליטערישע קאָנקורענץ, צוזאַמען מיט דעם שטענדיגען מושטירען פון דעם חיל, מיט דעם שטענדיגען גרייטען זיך צו מלחמה, איז צולעצט אַליין געוואָרען אַ קראַפט, וואָס טרייבט צו מלחמה.

צווישען די אורזאַכען, וואָס רופען אַרויס מלחמות, פערנעהמען אויך אַן אָרט די היסטאָרישע פּראָבלעמען און ברוגז'ן, וואָס פעלקער פיהלען איינס געגען אַנדערן. די מלחמות פון דער פערגאַנגענהייט מאַכען אַ וועג פאַר די מלחמות פון דער צוקונפט. פראַנקרייך האָט קיינמאָל ניט פערגעסען און פערגעבען די אָפּעראַציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין איהר קערפּער—דאָס אָבּרייסען פון עלזאַס לאָטרינגען. און אויך די לעצטע באַלקאַנישע מלחמות האָבען איבערגעלאָזען אָהן אַ שיעור ניט געלעזטע פראַגען. און צולעצט ניט קיין קליינע ראָלע שפּיעלט אויך דאָס געפיהל פון ענגען און פאַלשען פּאַטריאָטיזם, וואָס די רעגיערונגען זוכען איינצופלאַנצען אין די הערצער פון פאָלק. — שוין פון שוהל־באַנק אָן ווערען די קינדער פון פאָלק געוועהנט צו פערהערליכען דעם מיליטאַריזם, דאָרט ווערען זיי אויך טאָג טעגליך פערסם'ט מיט די נידריגסטע ראַסען־פאָראורטיילע.

דער סאָציאַליסטישער דיאַגנאָז פון די אורזאַכען פון די מאָדערנע מלחמות קען אויסגעדריקט ווערען אין פאָלגענדע זאַצען: די הויפּט אורזאַכע איז דער קאַפּיטאַליזם; די ביי־אורזאַכען זיינען דער אימפּעריאַליזם, מיליטאַריזם, סאָציאַלע אונרוהען, אינטערנאַציאָנאַלע קנאה־שנאה און דער פאַלשער פּאַטריאָטיזם.

דאָס איז דער אָנגענומענער סאָציאַליסטישער שטאַנדפּונקט, ווי אַזוי ער האָט זיך בים־לעבוויז ענטוויקעלט זינט 1866, ווען די פראַגען פון מלחמה און מיליטאַריזם זיינען צום ערשטען מאָל דיסקוטירט געוואָרען אויפ'ן זשענעווער קאָנגרעס פון אַלטען אינטערנאַציאָנאַל.

לאָמיר יעצט זעהן, אויב די פאַקטען און די געשעהעניסען, וואָס זיינען פאָראויסגעגאַנגען דער איצטיגער מלחמה, בעשטעטיגען דיעזע טעאָריען.

די מאָדערנע עפּאָכע פון דער הויך־ענטוויקעלטער אינדוסטריע הויבט זיך אָן, קען מען זאָגען, מיט דעם שלום פון דייטש־פראַנצויזישען קריעג פון 1871. דער שנעלער וואוקס פון קאַפּיטאַליזם זינט יענער צייט — איז די מערקווירדיגסטע ערשיינונג אין דער וועלט־געשיכטע. דער ערד־אַרומכאַפּענדער נעץ פון אייזענבאַהנען, טעלעגראַפען און קייבלען; די אונגעהייערע פלאָטען מיט די ריעזיגע דאַמפּפערס; די גיגאַנטישע פּראָדוקציאָנס־מאַשינען, די אונערהערטע רייכטימער פון איינצעלנע פערזאָנען, די אינטערנאַציאָנאַלע קאָרפּאָראַציאָנען און טראָסטס — דאָס אַלץ איז פאַקטיש אַ פּראָדוקט פון די לעצטע 4 יאָהר־צעהנדליגע.

ווען די זיעגרייכע פּרייסען האָבען פערלאַנגט פון פראַנקרייך, מיט 43 יאָהר צוריק אַ קאָנטריבוציע פון אַ ביליאָן דאָלאַר, איז די סומע פאַר פיעלע געווען כמעט אונגלויבליך. היינט צו טאָג איז דער נאַציאָנאַלער רייכטום פון דייטשלאַנד אַליין 60 מאָל אַזוי גרויס, און די 5 הויפּט לענדער, וואָס פיהרען איצט אָן דעם קריעג, האָבען אַלע צוזאַמען אין זייערע אינדוסטריען אַ קאַפּיטאַל, וואָס איבערשטייגט די בעריהמטע קאָנטריבוציע אין 300 מאָל.

די ראָזיגע הויך־קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג, בעזונדערס די גרויסע אינדוסטריעלע צונויפשמעלצונגען האָבען נויטווענדיג געפיהרט צו פּאָליטישע צונויפשמעלצונגען אין אייראָפּא. אַזוי לאַנג ווי די אינדוסטריען זיינען געטריבען געוואָרען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב און זיינען שוואַך געווען פערבונדען איינע מיט די אַנדערע, האָבען די צאָהלרייכע קליינע מדינה'לאַך פון אייראָפּא, איינגעצוימט אין זייערע שמאָלע גרענעצען, ווייניג וואָס זיך געמישט אין די קאָמערציעלע בעציהונגען פון זייערע אונטערטהאַנען. אָבער אויסגעברייטעטע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אינדוסטריען פאָדערן צוגעפּאַסטע פּאָליטישע פעראייניגונגען. די גרינדונג פון דער דייטשער אימפּעריע, די פעראייניגונג פון איטאַליען, די ענגערע צוזאַמענהעפטונג פון די עסטרייך־אונגאַרישע פּראָווינצען זיינען אויסגעפאַלען פּונקט אין דער צייט, ווען די מאָדערנע אינדוסטריען האָבען זיך גענומען זאַמלען און קאָנצענטרירען. און אַזוי ווי יעדע גרעסערע אונטערנעהמונג געפינט פאַר נויטיג צו גרינדען בראַנזשען אין אויסלאַנד, אַזוי געפינט אויך פאַר נויטיג יעדע האַנדעלס־נאַציאָן איינצושאַפען זיך קאָלאָניעס, וואָס זיינען פאַר איהר ווי האַנדעלס־בראַנזשען אויפ'ן וועלט־מאַרק.

די ענגלישע אימפּעריע, וואָס פערנעהמט איצט אַ פערטעל פון דער ערדס אויבערפלעך, האָט שוין זייט יאָהרהונדערטע אָהן אַ שיעור קאָלאָניעס. אָבער איהרע ווערטפולסטע און גרעסטע קאָלאָניעס, אַזוי ווי ניגעריען, בריטיש איסט־אַפריקאַ, רהאָדעזיאַ און טראַנסוואַל, זיינען ערוואָרבען געוואָרען אין משך פון די לעצטע 30 יאָהר. סעסיל רהאָדס און סער דזשאָרדזש גאָלדיע אַליין האָבען צוגעבראַכט צו דער ענגלישער אימ־

פּעריע אין די לעצטע 25 יאָהר א טעריטאָריע, וואָס איז גרעסער אין שטח ווי גאַנץ בריטיש־אינדיען.

פראַנקרייך וואָס טרייבט קאָלאָניאַל פּאָליטיק זייט דעם 17טען יאָהרהונדערט האָט אין די לעצטע 40 יאָהר צוגעקראָגען מעהר טעריטאָריע, ווי אין די 250 פאָריגע יאָהר.

די דייטשע אימפּעריע האָט אָנגעהויבען איהר פּאָליטישע קאריערע גאָר אָהן קאָלאָניעס, און ערשט אין 1884 האָט זי געמאַכט איהר ערשטען קאָלאָניאַלען געווין אין אפריקא, אין טאָגאלאנד. אין משך פון די פאָלגענדע 25 יאָהר האָט זי ארייננעקראָגען דורך עראָבערונג, פערכאַפּונג, דורך טראַקטאַטען און אַרענדא א שטח, וואָס ווערט געשאַצט מעהר ווי א מיליאָן קוואדראַט מייל, אָדער ארום 5 מאָל אזוי פיעל, ווי דער שטח פון דייטשלאַנד.

אָבער וואָס כאַראַקטעריזירט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליסי פון די אייראָפּעאישע מעכטע איז ניט אזוי די שנעלקייט, מיט וועלכע פרעמדע טעריטאָריעס ווערען פערנומען, ווי דער גערויך, וואָס ווערט געמאַכט פון זיי, און דער גייסט אין וועלכען דאָס אַלץ ווערט געטהאָן.

ארום דעם מיטען פון לעצטען יאָהרהונדערט האָט ענגלאַנד געקוקט אויף איהרע קאָלאָניעס, ווי אויף א געשעפט; וואָס הויבט ניט אָן צו לוינען, און די אַלגעמיינע פּאָליסי פון דער רעגירונג איז געווען וואָס ווענינער צו קימערן זיך וועגען זיי. אָבער ווען די אימפּעריאַליסטישע כוואַליע האָט פערכאַפּט אייראָפּא, האָט ענגלאַנדס קאָלאָניאַל־פּאָליטיק דורכגעמאַכט א שאַרפע ענדערונג. די פריהעריגע פּאָליסי פון אַן „אָהן וועהטאַגדיגע אויפלעזונג" פון דער אימפּעריע איז פּלוצלונג אין 1875 פערביטען געוואָרען מיט א פּאָליסי, וואָס זוכט צונויפצושמעלצען די קאָלאָניעס אין א פעסטע אָרגאַנישע איינהייט מיט'ן פעראייניגטען קעניגרייך. א קאָלאָניאַלע שוץ־קאָמיטע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1885, וועלכע איז אין 1907 פערוואַנדעלט געוואָרען אין דער „אימפּעריאַל קאָנפערענס אָף קאָלאָניעס". די קאָמערציעלע פערבינדונג פון מוטערלאַנד מיט די קאָלאָניעס איז בעפעסטיגט געוואָרען דורך אַן אויסנאַהמס־טאַריף און די קאָלאָניעס האָבען זיך פערפּליכטעט בייצושטייערן זייער חלק — און גאָר ניט קיין קליינעם חלק — אין געלד און דיענסט צו דער פערטהיידיגונג פון דער אַלגעמיינער אימפּעריע. — פּונקט אזא פּאָליטיק האָבען אָנגענומען פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

ניט ווענינער מערקווירדיג ווי די פערשפּרייטונג פון אימפּעריאַליזם איז געווען דער וואוקס פון מיליטאַריזם אין דעם פּעריאָד פון 1871 ביז 1914, וואָס איז אזוי רייך געווען אין געשעהניסען. ביז'ן יאָהר 1871 איז פּרייסען פאַקטיש געווען די איינציגע מדינה, וואָס האָט געהאַט אַלגעמיינע מיליטער־פּליכט און א שטענדיגע ארמיי. זייט דעמאָלט האָבען אַלע איבריגע אייראָפּעאישע לענדער, מיט דער אויסנאַהמע פון ענגלאַנד, איינגעפיהרט דאָס דאָזיגע סיסטעם. אין 1871 האָט די גרויס פון די שטענדיגע אַרמייען פון די 6 הויפּטלענדער, וואָס שטעהען איצט אין קריעג, דערגרייכט ביז ארום 1,800,000 סאָלדאַטען. היינט צו טאָג איז די צאָהל פערדאָפּעלט געוואָרען.

און אין משך פון דיעזער צייט איז צוגלייך מיט דער פערשאַרפונג פון די צושטענדע, מיט דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, מיט דער אויסשפּרייטונג פון אימפּעריאַליזם, מיט דער וואַקסענדער לאַסט פון מיליטאַריזם, אויך געוואַקסען די אונצופריעדענהייט פון פאָלק און דער בונט פון אונטען איז געוואָרען אַלץ אָרגאַניזירטער. ביים ענד פון דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה איז די סאָציאַליסטישע און די ארבייטער בעוועגונג פון איירָאפּא געווען כמעט ווי אונבעדייטענד. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד האָט געהאַט אין דעם ניי־געשאַפענעם רייכסטאַג צוויי איינצעלנע פאָרשטעהער, וועלכע האָבען פערטראָטען א וועהלער־מאַסע פון ווענינער ווי 125 טויזענד מאַן. און אויך אין די איבעריגע לענדער פון איירָאפּא האָט דער סאָציאַליזם קיין פּאָליטישען איינפלוס ניט געהאַט און דער טרייד־יוניאָניזם קיין עקאָנאָמישע מאַכט — נאָך ווענינער ווי אין דייטשלאַנד.

נעהמען מיר אָבער דאָס יאָהר 1914 — זעהען מיר, אז די סאָציאַליסטישע פּארטייען פון איירָאפּא האָבען הינטער זיך כמעט 10 מיליאָן וועהלער און צעהלען מעהר ווי 600 פאָרשטעהער אין די נאַציאָנאַלע פּאַרלאַמענטען. און די טרייד־יוניאָן בעוועגונג איז כמעט אזוי שטאַרק ווי די סאָציאַליסטישע בעוועגונג.

און די בעוועגונגען זיינען געוואָרען אַן ערנסטע געפאַהר פאַר דער עקזיסטענץ פון די הערשענדע קלאַסען. זיי האָבען שוין געבראָכען די טראַדיציאָנעלע מאָנאַרכיען. אין דייטשלאַנד האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געמאַכט א געוואַלדיג שנעלען פּראָגרעס — די צאָהל אָבגעגעבענע שטימען פאַר דער פּאַרטיי איז ניט געוואַקסען, נור ממש געשפּרונגען העכער און העכער — ביז וואַנען זי האָט ארומגענומען מעהר ווי א דריטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. אונטער נאָרמאַלע אומשטענדע וואָלט די רעגיערונג שוין אין עטליכע יאָהר ארום געדאַרפט איבערגעהן אונטער דער קאָנטראָלע פון די סאָציאַליסטען. אין פראַנקרייך האָלט אין איין שטייגען דער איינפלוס פון די סאָציאַליסטען אויפ'ן פּאָליטישען שיקזאַל פון דער נאַציאָן און די ארבייטער־יוניאָנס האָבען עטליכע מאָל גאָר נישקשה'דיג אויפגעטרייסעלט

די רעגיערונג. און אין ענגלאַנד, עסטרייך, בעלגיען געהט די סאָציאַליסטישע און די ארבייטער־בעוועגונג אין דער זעלבער ריכטונג — צו פּאָליטישער און אינדוסטריעלער מאכט. אין רוסלאַנד האָט די זעלבסט־הערשאַפט פון די ראמאַנאָוו׳ס קוים אויסגעהאַלטען דעם קלאַפּ, וואָס די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער און פּויערים האָבען איהר דערלאַנגט אין יאָהר 1905. און איצט, קורץ פאַר דער מלחמה, האָט די זעלבסט־הערשאַפט מיט גרויס שרעק ווידער גענומען מערקען סמנים פון א נייער אייפלעבונג פון דער בעוועגונג.

די לאָגיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג האָט אוועקגעשטעלט די רעגיערונגען פון די הויפּט־לענדער פון אייראָפּא אין אזא לאַגע, פון וועלכער קיין אויסוועג איז ניטאָ. די אינדוסטריעלע בעדערפנישע טרייבען די לענדער צו פערכאַפּען אלץ נייע און נייע מערק, אָבער פּאַקטיש איז דער גאַנצער ערד־קוגעל שוין פערכאַפּט. האָט די קאָמערציעלע און מיליטערישע קאָנקורענץ פון די נאַציאָנען געזוכט אן אויסוועג פון אלץ שטאַרקערע בעוואַפנונגען, אָבער די לאסט פון מיליטאריזם איז שוין לאנג געוואָרען פיזיש אונערטרעגליך. די געפאהר פון אן ארבייטער־בונט איז אלץ נעהענטער געוואָרען, און די רעגיערונגען זיינען ניט געווען אימשטאַנד אָבצושאַפען די אורזאכען פון דער וואקסענדער אונרוהיגקייט פון די ארבייטער, ווייל די אורזאכען זיינען טיעף פערבאָרגען אין קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם גופא. די איינציגע רעטונג, וואָס די רעגיערונגען האָבען געזעהן פאר זיך, איז אן אלגעמיינע אייראָפּעאישע שחיטה. אן ערפאָלגרייכע מלחמה וואָלט געבראכט דער זיעגערישער נאציאָן נייע קאָלאָניעם און נייע מערק; וואָלט אריינגעטראָגען אן אויפלעבונג אין איהרע אינדוסטריען, וואָלט פערשטיקט דעם געשריי פון אונצופריעדענהייט אין פּאטריאָטישען געטומעל און אפשר וואָלט אויך דער רעזולטאט פון אזא מלחמה געווען אן אינטערנאַציאָנאַלער אָבמאַך וועגען בעשרענקען די בעוואפנונגען.

און די אייראָפּעאישע נאציאָנען האָבען זיך געגרייט צו מלחמה. יאָהרענלאנג האָבען זיי בעוואַכט און געסטראַשעט איינע די אנדערע. יאָהרענלאַנג איז אייראָפּא געווען א בעוואפענטער לאַגער. דער צוזאמענשטויס האָט געקענט קומען פריהער אָדער שפּעטער, אָבער קומען האָט ער געמוזט. א שוידערליך פערברעכען, דורך וועלכען אייראָפּא בעגיסט זיך איצט מיט בלוט, איז בעגאַנגען געוואָרען, אָבער עס וואָלט געווען אומגערעכט צו ווארפען די שולד אויף דער אָדער יענער נאַציאָן, אויף דער אָדער יענער רעגיערונג. עס וואָלט אויך געווען אומזיסט די ארבייט צו זוכען דעם אָנגרייפער. דער קאפּיטאליזם האָט די מלחמה ארויסגערופען, און אלע נאציאָנען זיינען קרבנות.

די בארבארישע מלחמה אין אייראָפּא איז א שרעקליכע אָבער גלענצענדע בעשטעטיגונג פון דער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע און פון די סאָציאַליסטישע פּאָראויסזאָגונגען. זי איז אויך א פייערליכע ווארנונג פאר די פעראייניגטע שטאַאטען.

(נעקסטער אַרטיקעל וועט זיין וועגען די סאָציאַליסטישע פּאָרשלעגע, ווי אַזוי צו פערהיטען מלחמות).

מאני לייב

* * *

פון. פ. סאָלאָגוב

כ׳האָב ליעב דאָס שטילע שווייגען
אין טיעפען וואַלד, ביינאַכט;
דאָס וויגען זיך פון צווייגען,
וואָס וויגען זיך פערטראַכט.

כ׳האָב ליעב דאָס שטילע פאַלען
פון טהויען ווייך און בלייך;
אין פאַר די מאָרגען־שטראַהלען
אין פעלד דעם בלייכען רויך.

כ׳האָב ליעב דאָס צאַרטע גלעטען
פון ווינטעל, אבענד־צייט;
דעם פייער׳ל דעם שפּעטען
פון פישער אין דער ווייט, —

דאָן ווערט פון מיר פערשוואונדען
מיין אונרוה וואָס איך טראָג,
מיין אונרוה און די וואונדען
פונ׳ם דורכגעלעבטען טאָג.

כ׳ווער מיט דער ערד צוזאַמען
געזעליגט, שטיל און שטום,
מיט אויגען — שטערען־פלאַמען —
די וועלט נעהם איך ארום.

אין נעבעל א פערוועהטער
און לייטער, ווי א טרוים,
צושפּרעהטער און צושטרעהטער
צוואוארף איך זיך אין רוים.

דר. ל. לעווין.

טערקיי און די מלחמה

1

צו די ניין מלוכות וועלכע זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם בלוט־שטראָם פון דער מלחמה איז יעצט צוגעקומען א צעהנטע — טערקיי. דעם 29טען אָקטאָבער האָט די טערקישע פלאָטע באָמבארדירט אייניגע רוסישע שטעדט אויף דעם שווארצען ים, און רוסלאנד האָט זיך באלד בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו ערקלעהרען קריעג געגען טערקיי. ענגלאנד און פראנקרייך האָבען געפּרובט מאכען שלום און האָבען געוואָלט בעאיינפלוסען טערקיי אז זי זאָל זיך ענטשולדיגען און ערקלעהרען די גאנצע געשיכטע אלס א טרויעריגע מיספערשטענדניס, אָבער זייער טרחא איז געווען אומזיסט, און דעם 5טען נאָוועמבער האָבען אויך ענגלאנד און פראנקרייך אָפיציעל ערקלעהרט, אז זיי געפינען זיך אין א מלחמה־צושטאנד מיט טערקיי. יעצט באָמבארדירען ענגלישע און פראנצויזישע שיפען די טערקישע פעסטונגען אין די דארדאנעלען, טערקישע שיפען בעלאגערן די רוסישע פּאָרטען פון דעם שווארצען ים, רוסישע ארמעען בושעווען אין די אזיאטישע פּראָווינצען פון טערקיי, און גרויסע בעמיהונגען ווערען געמאכט צו פערשפּרייטען די רויטע כוואליעס פון דער מלחמה אין אזיען און אין אפריקא.

ווי די אנדערע לענדער, האָט אויך טערקיי טענות, מיט וועלכע זי וויל רעכטפערטיגען איהר האנדלונג. לויט דער ערקלעהרונג פון דער טערקישער רעגיערונג, האָבען די מיטגליעדער פון דעם „טריפּל אנטאנט“ בעגאנגען געגען איהר עולות. די ענגלישע און פראנצויזישע שיפען האָבען פערשפּארט די דארדאנעלען און די רוסען האָבען פערפּלייצט דעם באספּאר מיט מינען. ענגלאנד, איבערהויפּט, האָט שטארק אויפגערעגט די טערקען דערמיט וואָס זי האָט פערכאפּט דעם גרויסען קריעגס־שיף „סולטאן אסמאן“, וועלכען די טערקישע רעגיערונג האָט געבויט אין ענגלאנד. די טערקישע פּרעסע האָט זיך אויסגעדריקט, אז ענגלאנד האָט אין דיעזער געלעגענהייט געהאנדעלט ווי א ים־רויבער. טערקיי האָט געפיהלט א בעזונדערע נויט אין דעם קריעגס־שיף גראדע יעצט, ווען איהר אלטער פיינד גריעכענלאנד האָט זיך בענייט מיט צוויי אָבגעטראָגענע קריעגס־שיפען, וועלכע אמעריקא האָט איהר מיט א קורצע צייט צוריק פערקויפט.

טערקיי איז פיעלייכט גאנץ גערעכט אין איהרע טענות, אָבער ניט די עולות, אויף וועלכע זי בעקלאָגט זיך, האָבען זי געצוואונגען אריינצואווארפען זיך אין קאמפף. שוין באלד ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען האָט מען בעמערקט א געוויסע אונרוהיגקייט אין די הערשענדע קרייזען פון טערקיי. רוסלאנד, וועלכע האָט געהאלטען איהר אויג אויף דער טערקישער רעגיערונג, האָט פון טאָג צו טאָג ערווארטעט אן אָפענעם פיינדליכען שריט. אין דיפּלאָמאטישע ספערען האָט מען בעמערקט, אז די פּאָרשטעהער פון טערקיי האלטען זיך אויסערגעוועהנליך דרייסט און אגרעסיוו. עס איז געווען גאנץ קלאָהר, אז דער טומעל פון דער אלגעמיינער מלחמה האָט ערוועקט אין טערקיי די האָפנונג, אז יעצט וועט זי קענען דורכפיהרען איהרע פּלענער. דער טערקישער געזאנדטער אין וואשינגטאָן האָט זיך גאנץ אָפען אויסגעדריקט, אז די יעצטיגע מלחמה איז פאר טערקיי א גאָלדענע געלעגענהייט, און ווער עס איז בעקאנט מיט דער טערקישער פּאָליטיק ווייס, אז איהר גרונד־געדאנק איז אימער געווען אויסצונוצען די רייסעריען און סכסוכים פון איהרע פיינד אויף וויפיעל נור מעגליך.

2

דער ציעל, וועלכען טערקיי מיהט זיך צו פערווירקליכען זייט אייניגע יאָהרען, איז צו שאפען א פעסטען אָטאָמאנישען שטאאט אויף מאָדערנע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע יסודות. די רעוואָלוציע פון 1908, וועלכע די יונג טערקען האָבען אזוי דראמאטיש דורכגעפיהרט, איז געווען דער ערשטער גרויסער פערזוך אין דיעזע ריכטונג. דער ערפאָלג האָט געדויערט נור א קורצע צייט. גאָר אין גיכען האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ניט נור איז עס שווער צו רעאָרגאניזירען און צו פערשטארקען טערקיי אויף נייע יסודות, נור זאָגאר אויפצוהאלטען איהר פריהערדיגע בעדייטונג און מאכט.

פיעלע האָבען אין דעם בעשולדיגט די אונפעהיגקייט פון די יונג־טערקען. אנדערע האָבען דאָס ערקלעהרט מיט דער נאטור פון דעם טערק, וועלכער איז נאָך זייער מיינונג אונפעהיג צו פיהרען א מאָדערנעם פּאָליטישען און עקאָנאָמי־

שען לעבען. דער אמת אָבער איז, אז ניט די נאַטור פון דעם טערק און ניט די פּאָליטישע מעטאָדען פון די יונג־טערקען זיינען שולדיג אין דעם בייזען שיקזאַל, וועלכער איז בעפאַלען טערקיי אין די לעצטע יאָהרען.

די טערקישע מלוכה אין אייראָפּאַ איז פון אָנהויב אָן געווען איינע פון יענע פּרימיטיווע אימפּעריען, וועלכע האַלטען זיך אויף דעם קריעגערישען גייסט פון די בעזיעגער און אויף דער דיזאָרגאַניזאַציאָן פון די בעזיעגטע. — די אָסמאַנישע טערקען האָבען זיך בעוויזען אין דעם דרייצעהנטען יאָהרהונדערט און האָבען אָנגעהויבען די עראָבערונג פון קליין אַזיען און געוויסע טהיילען פון אייראָפּאַ. דאָס זיינען געווען האַלבבאַרבאַרישע, נאָמאַדישע שבטים, וועלכע האָבען אין הונגער און אָרעמקייט געשפּירט די לוסט צו וואַנדערונגען און מלחמה. דער הויפּט מאָטיוו פון זייערע עראָבערונגען איז געווען צו פערגרעסערען די צאָהל פעלקער, פון וועלכע זיי זאָלען קענען ציהען טעקסעס. אויף דיעזען יסוד האָבען זיי אויך אויפגעבויט זייער אימפּעריע אין אייראָפּאַ, נאָכדעם ווי זיי האָבען איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1453. די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָן פון דער טערקישער אימפּעריע איז געווען איינגעאָרדענט מיט דעם צוועק, אז די בעזיעגטע פעלקער זאָלען ארבייטען און אויפהאַלטען די זיעגער און די הערשער. וועגען דעם אינערליכען לעבען פון די בעזיעגטע, וועגען דער צוזאַמענשמעלצונג פון פערשיעדענע עלעמענטען און וועגען אַנדערע פראַגען פון שטאַאטליכען און סאָציאַלען לעבען האָבען זיך די הערשענדע טערקען ניט געקימערט.

לאַנג אָבער האָט דער קריעגערישער גייסט פון די הערשער אליין ניט געקענט אויפהאַלטען די טערקישע אימפּעריע. אָבער שוין צו ענדע פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט איהר גלאַנץ אָנגעפאַנגען צו דונקלען. אין דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט איז אויסגעוואַקסען אין צפון די רוסישע אימפּעריע, וועלכע האָט אָנגעפאַנגען צו רייסען שטיקער פון טערקיי. און אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די ערוואַכענדע באַלקאַנישע פעלקער אויפגעהויבען זיך און אין גאַנצען צושמעטערט דעם געבוי פון דער טערקישער מלוכה אין אייראָפּאַ. און צוערשט סערביען, נאָכהער גריכענלאַנד, בולגאַריען, מאָנטאַנעגרא, אַלבאַניען און אַנדערע פעלקער האָבען זיך דורכגעדרונגען מיט א געפיהל פון נאַציאָנאַלער איינינקייט און מיט א בעגייסטערטער שטרעבונג פאַר נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט.

דיעזע אויפוואַכונג פון אונטערדריקטע פעלקער צו א נייעם לעבען האָט געטראָגען אין זיך טויט פאַר דער קריעגערישער און פּרימיטיווער טערקישער אימפּעריע. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אויפשטענדע און צוזאַמענשטויסע, וועלכע האָבען אלץ מעהר און מעהר צוטרייסעלט די זיילען פון דער טערקישער מלוכה. איינציגווייז און אַלע צוזאַמען האָבען די באַלקאַנישע פעלקער אָבגעריסען שטיקער פון די טערקישע לענדער אין אייראָפּאַ. דער פּראָצעס האָט געדויערט העכער הונדערט יאָהר און נאָך דעם ערשטען באַלקאַנישען קריעג אין דעצעמבער 1912 האָט עס שוין אויסגעזעהן אז פון דער גרויסער, מעכטיגער טערקיי אין אייראָפּאַ וועט בלייבען גאָר א קליינער זכר — קאָנסטאַנטינאָפּאָל און א קליינע פּראָווינץ ארום דער שטאָדט.

די קריעגערייען צווישען די באַלקאַנישע פעלקער און דער צווייטער באַלקאַנישער קריעג אין 1913 האָבען אָבגעשטעלט אויף א ווײלע דיעזען פּראָצעס פון דער ענדליכער פונאַנדערפאַלונג. טערקיי האָט זיך בענוצט מיט דער אַלגעמיינער בהלה און האָט צוריק פערכאַפּט אַדריאַנאָפּאָל און נאָך איניגע פּראָווינצען. דיעזער ערפאָלג האָט אויפגעמינטערט די יונג־טערקען און אין זיי האָט ווידער אויפגעלעבט די האָפנונג, אז זיי קענען נאָך א סך צוריקקריגען און אז זייער ראָלע אין אייראָפּאַ איז נאָך ניט געענדיגט. זיי, די יונג־טערקען, זיינען יעצט אויף דער שפּיץ פון דער טערקישער רעגיערונג, וועלכע האָט זיך מיט אזא פייער אריינגעוואָרפען אין דער מלחמה. זיי האָבען ניט קיין ריכטיגען בעגריעף, ווי עס ווייזט אויס, פון די גרויסע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר ארום זיי. סיי־ווי־סיי האָבען זיי קיין אַנדער ברירה ניט, ווי נור צו מאַכען נאָך אַן אָנשטרענגונג און ארויסרייסען ביי דער געשיכטע נאָך א פּאָר יאָהר פון עקזיסטענץ. אגב, האָבען זיי יעצט גרויסע האָפנונגען אויף זייער פריינד דעם דייטשען קייזער.

3

טערקיי וואָלט שוין לאַנג געפאַלען אונטער דעם דראַנג פון די באַלקאַנישע פעלקער, ווען ניט איהרע גוטע פריינד, וועלכע האָבען זי געשיצט אין די קריטישע מאָמענטען. דער טערקישער סולטאַן איז שוין לאַנג „דער קראַנקער מאַן פון אייראָפּאַ“ און אויב ער לעבט נאָך האָט ער עס צו פערדאַנקען הויפּטזעכליך דער וואַרעמער פריינדשאַפט פון די גרויסע מעכטע פון אייראָפּאַ. „דער קראַנקער מאַן פון אייראָפּאַ“ איז אימער געווען א בריה אויף אויסצונוצען יעדע געלעגענהייט. יעדענס פריינדשאַפט האָט איהם דערוואַרעמט. פריהער האָט ער געשעפּט כחות פון פראַנקרייך, דערנאָך פון ענגלאַנד; אין די לעצטע יאָהרען האַלט איהם אויף די פיס הויפּטזעכליך דאָס גרויסע דייטשלאַנד.

די פריינדשאַפט פון די גרויסע מעכטע מיט טערקיי איז א זאָנדערבאַרע ערשיינונג. זי איז געגרינדעט ניט אויף ליעבע, נור אויף מורא. אויף דער משונה'דיגער מורא, אז אויף דעם קבר פון „דעם קראַנקען מאַן“ זאָל ניט פאָרקומען

די ערגסטע, די שוידערליכסטע הריגה, וועלכע די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן.

דער גרונד פון דיעזער מורא ווארפט א העלן שאָטען אויף דער מאָדערנער וועלט־ווירטהשאַפט. דער „קראַנקער מאַן פון איירָאפּא“ פערנעהמט א פּלאַץ אויפ’ן רעכטען מיטעל־פּונקט פון איינע פון די דריי גרויסע האַנדעלס־וועגען אין דער וועלט. אין טערקיי’ס הענד געפינען זיך דער באספאר און די דאַרדאַנעלען, וועלכע פערבינדען דעם שוואַרצען ים מיט דעם ים הגדול (מיטעללענדישען ים). קאָנסטאַנטינאָפּאָל ליגט אויף דעם קורצעסטען וועג צווישען מיטעל איירָאפּא, מזרח־אפריקא און אינדיען. די וויכטיגסטע האַנדעלס־אינטערעסען אין דיעזען טהייל פון דער וועלט בעגעגנען זיך דאָ און קאָנצענטרירען ארום דיעזען פּונקט די געגענגעזעצע און ווידערשפּרוכען וואָס ליגען פערבאָרגען אין די אימפעריאליסטישע שטרעבונגען פון די גרויסע מעכטע פון איירָאפּא.

דעם שטאַרקסטען פערלאַנג צו פערכאַפּען קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט וואַהרשיינליך רוסלאַנד. ניט דערפאַר, ווייל קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אמאָל געווען די הויפּטשטאָדט פון דער ביזאַנטינער אימפעריע, וועמעס יורש רוסלאַנד איז כלומרשט. די רוסישע פאַן־סלאַוויסטען מעגען זיך בעגייסטערן פאַר פּראַוואָסלאַוויע און סלאַווישע טראַדיציעס און אריינפאַלען אין התלהבות וועגען צאַר־גראַד, אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי סענטימענטאַלע פראַזען, מיט וועלכע מען וויל צודעקען די רעאַלע מאָטיווען. רוסלאַנד דאַרף האָבען א פרייען אויסוועג פון דעם שוואַרצען ים אין דעם מיטעללענדישען ים צוליעב פּשוט’ע און דאָך וויכטיגע האַנדעלס־אינטערעסען. ווי לאַנג דער באָספאָר און דאַרדאַנעלען זיינען אין פרעמדע הענד, איז רוסלאַנד ניט זיכער מיט איהר עקספּאָרט פון דעם שוואַרצען ים. רוסלאַנד האָט דאַריבער געהאַט איהר אויג אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַר די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר. יעקאַטערינא די צווייטע און אלעקסאַנדער דער ערשטער האָבען זיך ארומגעטראָגען מיט פּלענער צו צוטהיילען די טערקישע אימפעריע אזוי דאָס רוסלאַנד זאָל בעקומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין דער צייט ווען דאָס האָט געשיינט אונמעגליך האָט רוסלאַנד בעוואַכט טערקיי, ווייל עס האָט זיך איהר בעסער געלוינט אז דיעזער פּונקט זאָל בעהערשט ווערען פון דער שוואַכער טערקיי, איידער פון א שטאַרקע מלוכה. אין דער לעצטער צייט אָבער האָט די רוסישע רעגיערונג, ווייזט אויס, זיך ווידער דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק, אז זי מוז האָבען קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין דיעזער שטרעבונג איז רוסלאַנד אימער געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט ענגלאַנד, וועלכע האָט גרויסע אינטערעסען אין אינדיען, פּערזיען און עגיפּטען. ענגלאַנד האָט אימער מורא געהאַט אז אויב רוסלאַנד זאָל בעהערשען די דאַרדאַנעלען און דעם באָספאָר, וועט זי קענען שטערען דעם פּראָגרעס פון דעם ענגלישען אימפּעריאַליזם אין דיעזען טהיילען פון דער וועלט. ענגלאַנד איז דאַריבער געווען טערקיי’ס פריינד, האָט זיך אָנגענומען טערקיי’ס קריוודע אין 1854, האָט בעשיצט די טערקישע אינטערעסען אויף דעם בערלינער קאָנגרעס אין 1878. און אזוי האָט זיך ענגלאַנד געהאַלטען צו טערקיי ביז נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק. עהנליך האָט געהאַנדעלט אויף פראַנקרייך, וועלכע איז פּעראינטערעסירט אין דער פראַגע צוליעב איהרע אינטערעסען אין מאַראָקאָ. פראַנקרייך’ס אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק אין נאָרד־אפריקא מאַכט עס נויטווענדיג פאַר איהר צו בעהערשען דעם מיטעל־לענדישען ים און זי קען ניט זיין גלייכגילטיג צו דעם, ווער עס וועט בעהערשען די דאַרדאַנעלען און דעם באספאַר.

אָבער זינט דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג האָט טערקיי זיך ערוואָרבען א נייעם און מעכטיגען פריינד — דייטשלאַנד. ווען דייטשלאַנד האָט זיך ענטוויקעלט אינדוסטריעל און האָט אָנגעהויבען זוכען אויסלענדישע מערק פאַר איהרע סחורות און קאַפּיטאַל, האָט זי געפונען אין טערקיי די בעסטע געלעגענהייטען. דייטשלאַנד האָט ענטוויקעלט אין די טערקישע שטעדט האַנדעלס און באַנק־אַנשטאַלטען און האָט געקראָגען קאָנצעסיעס אין די אזיאַטישע פּראָווינצען פון טערקיי. דייטשלאַנד האָט אויף אזא אופן געקראָגען אן אינטערעס צו וואַכען איבער’ן שיקזאַל פון דער טערקישער אימפעריע און דיעזער אינטערעס איז אין אנקלאַנג מיט די אינטערעסען פון די טערקישע הערשענדע קלאַסען. דייטשלאַנד וויל אויפהאַלטען די טערקישע אימפעריע, אויף וויפיעל מעגליך. ווייל מיט איהר הילף קען זי פאָרטזעצען די עקאָנאָמישע עראָבערונג פון קליין־אזיען. ווען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די ארומיגע פּראָווינץ וואָלט אריינגעפאַלען אין אַנדערע הענד, וואָלט דייטשלאַנד אָבגעשניטען געוואָרען פון דער לייכטעסטער עקאָנאָמישער פערבינדונג מיט קליין־אזיען. חוץ דעם האָט דייטשלאַנד נאָך אַנאַנדער גרונד צו פערשטאַרקען טערקיי, נעמליך אויס פיינדשאַפט צו ענגלאַנד. די מיליטאַריסטישע און פאַנגערמאַניסטישע פיהרער פון דייטשלאַנד האָבען אימער בעהויפּטעט אז אין פאַל פון א קריעג קען טערקיי זיין א גרויסע שטיצע פאַר דייטשלאַנד געגען ענגלאַנד. טערקיי קען לייכט בעפאַלען די ענגלישע לענדער אין אזיען און אפריקא און קען אויפרייצען די מאַחמעדאַנער צו א „היילינגען קריעג“ געגען די קריסטען. און איצט האָט דייטשלאַנד אויפגערייצט טערקיי צו צושטעהן צו דער מלחמה און

די טערקען ווערען געשטיצט מיט דייטשע וואפען און דייטשע געלד*).

די געגענגעזעצטע אינטערעסען פון רוסלאנד, דייטשלאנד, ענגלאנד און פראנקרייך האָבען געראטעוועט ביז אהער די טערקישע אימפּעריע פון א פאָלשטענדיגען חורבן. אין דעם אימפּעריאליזם פון די אינדוסטריעלע לענדער האָט טערקיי געפונען א שטיצע געגען דעם אימפּעריאליזם פון די גרעסערע און קלענערע ניט־אינדוסטריעלע לענדער. דער מזל פון דעם „קראנקען מאן פון אייראָפּא“ איז בעשטאנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאט א סך יורשים, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט צוטהיילען מיט דער ירושה.

.3

יעצט, ווען „דער קראנקער“ האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען, ווי א געזונדטער, וועט די גאנצע פּאָליטיק בנוגע צו טערקיי זיך מוזען ענדערען. די אַלטע פריינד פון טערקיי, חוץ דייטשלאנד, וועלען שוין א י צ ט איינזעהן, אז עס האָט זיך ניט געלוינט אויפצוהאלטען ביים לעבען אזא חולה, וואָס קען פאר זיי ווערען אזוי געפעהרליך אין א קריטישען מאָמענט. זיי וועלען פיליכט פאָלגען די עצה, וועלכע מען האָט זיי שוין לאנג געגעבען, און מאכען קאָנסטאנטינאָפּאָל פאר א פריי שטאָדט און נעהמען די דארדאנעלען און דעם באָספאָר אונטער דעם שוץ פון אן אינטערנאציאָנאלער קאָמיסיע. אויב זיי וועלען זיגען, וועט די לעצטע שפּור פון טערקישער הערשאפט פערשווינדען פון אייראָפּא. קיין גלענצענדע אויפנאהמע ערוואַרטעט דעם טערק אויך ניט אין אזיען, ווייל די פערשיעדענע אזיאטישע פּראָווינצען האָבען זייערע אינטערעסען, וועלכע זיינען ניט אין גאנצען אין הארמאָניע מיט די טערקישע פּלענער. אויף אזא אופן וועט די איצטיגע מלחמה פיליכט מאכען אין גאנצען א סוף צו דער טערקישער אימפּעריע. זי וועט דערענדיגען דעם צופאַלונגס־פּראָצעס פון טערקיי אין אייראָפּא.

עס איז העכסט פאהרשיינליך, אז דערזועלבער רעזולטאט ערוואַרט טערקיי זאָגאר אין פאל פון א דייטשען נצחון. עס איז אונמעגליך צו גלויבען, אז דייטשלאנד זאָל האָבען אזא ענטשיעדענעם זיעג, וועלכער זאָל זי מאכען פאר דער הערשערין פון אייראָפּא. אין בעסטען פאל, וועט זי זיך מוזען רעכנען מיט די פערלאנגען פון די אנדערע פעלקער. אויב די באלקאנישע פעלקער, ווי רומעניען, בולגאריען און גריכענלאנד וועלען פערבלייבען נייטראל, וועלען זיי מן הסתם פאָדערן עטוואָס פאר זייער גוטסקייט. די גאנצע פּאָליטיק פון זייער נייטראליטעט בעשטעהט אין דעם, אז זיי זאָלען געווינען עטוואָס אָהן מלחמה, ווער עס זאָל ניט זיעגען. ווען מען וועט זיך נאָכדעם ניט רעכנען מיט דעם וואונש פון די נייטראלע לענדער, וועלען זיי האָבען ארמעען, וועלכע וועלען זיין אלץ געפעהרליכער, וואָס מעהר אויסגעמאטערט די איצטיגע קריעגספיהרענדע פעלקער וועלען זיין.

דאָס זעהט איין די אנדערע פּארטיי פון טערקישע פּאָליטיקער, וועלכע זיינען די געגנער פון די יונג־טערקען. דיעזע אנדערע פּארטיי איז געגען דעם, וואָס טערקיי האָט זיך אריינגעוואָרפען אין קריעג און וואָלט געוואָלט ראטעווען דעם רעשטעל פון דער טערקישער אימפּעריע אין אייראָפּא דערמיט, וואָס טערקיי וועט בלייבען נייטראל. ווי עס שיינט אָבער, איז דאָס איצט צו שפּעט. טערקיי׳ס הערשאפט אין אייראָפּא איז אין דער גרעסטער סכנה.

*) וועגען די בעציהונגען פון דייטשלאנד און ענגלאנד זעה מיין ארטיקעל אין „צוקונפט“, אָקטאָבער, 1914.

פּראָדעל שטאָק

סאָנעט

דאָס וואָרט איז גראָב, איך קען עס ניט בעצווינגען,
עס זאָל דערצעהלען דיר, מיין שעהנער דו,
אָט דאָס, וואָס ליגט פערבאָרגען ערגיץ וואו
ביי מיר אין הארץ—און הערט ניט אויף צו זינגען,

און צארט, און ווייך, און קען אלץ ניט פערשטומען,
און נעהמט זיך שפּיעלען דאן מיט זיך אליין;
ביז ס׳ציהען זיך ווי בלאסע פערל־שנור
געזאנגען ׳רום מיין אייגען הארץ, וואָס דארבט

כ׳וואָלט וועלען, אין א שטילער שעה זאָלסט קומען,
ווען כ׳שווייג — און מיין נשמה שעהמט זיך —
ווײנט
מיט טרעהרען בלוטיגע און ווערט פערשטיינט,

פון צופיעל שעהנקייט — און וועת ווערט מיר . . .
און וואָלסטו די געזאנגען ערשט פערשטעהן,
וואָלסטו א הארץ דערזעהן, וואָס זינגט און
שטארבט.—

דר. מ. נאחימסאָן

די מלחמה און די דייטשע סאָצ.-דעמאָקראַטיע

(צווייטער בריעף פון דייטשלאַנד *)

אז א וועלט־קריעג איז מעגליך האָבען די דייטשע גענאָסען בעמערקט גלייך נאָך דעם מאָרד אין סעראַיעוואָ. שוין דעמאָלט האָט מען דערפיהלט, אז אין דער לופט הויבט אָן שמעקען מיט פולווער. דאָס איז שוין אָבער קיין נייעס ניט געווען. די לעצטע צייט איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען איבערצולעבען העכסט פערשאַרפטע מאָמענטען, ווען עס האָט זיך געדוכט, אז אָט אָט הויבט זיך אָן א קריעג. אזוי איז געווען בעת דעם קריזיס צוליעב מאַראָקאָ; אזוי איז געווען די גאנצע צייט פון דער מלחמה אויפ'ן באלקאן. און יענע שאַרפע מאָמענטען האָבען זיך סוף־כל־סוף געענדיגט בשלום. האָט מען געהאָפט, אז דעם מאָל וועט אויך אַלץ אריבער אָהן בלוט.

ארויסגעוויעזען האָט זיך, אז גלייך ווי דער קאנפליקט האָט זיך אָנגעהויבען, האָט עסטרייך גענומען אזא מין טאָן, וואָס האָט קלאָהר און דייטליך געגעבען צו פיהלען, אז די האבסבורגער מלוכה גרייט זיך צו אן ענטשידענעם קלאַפּ. די גאַנצע עסטרייכישע פרעסע, וועלכע ווערט בעאיינפלוסט פון די אָפיציעלע ספערען, האָט געשאַפען א קריעגס־שטימונג. אין וויען אויף דער בערזע האָט זיך אָנגעהויבען א פּאַניק. דער דרעזדענער באַנק האָט אָפען געראָטען זיינע קליענטען, זיי זאָלען פערקויפען זייערע ווערטה־פּאַפּיערען. און ווען עסטרייך האָט געשיקט סערביען דעם בעוואוסטען אולטימאטום, האָט שוין קיין שום ספק ניט געקאָנט זיין, אז עסטרייך וויל א מלחמה מיט סערביען.

די דייטישע גענאָסען האָבען אָנגעהויבען א שטאַרקע אגיטאציע געגען קריעג. זיי האָבען אָרגאַניזירט א גוואַלדיגע צאָהל פּראָטעסט־מיטינגען, וועלכע האָבען זיך אָפט געענדיגט מיט דעמאָנסטראַציעס. די אַלגעמיינע שטימונג איז נאָך אָבער געווען אזעלכע, אז מען האָט געהאָפט, דער קריעג וועט בלייבען א ריין אָרטיגער, צווישען עסטרייך מיט סערביען; ווייטער וועט ער ניט געהן. עס האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט גלויבען, אז מיר שטעהען ערב שרעקליכע געשעהעניסען...

ווען איך פלעג זאָגען די גענאָסען, אז דער קריעג איז שוין איצט אונפערמיידליך, פלעגט מען מיר ענטפערען: רוסלאנד וועט ניט וואַגען. דערביי האָט מען פערגעסען, אז איהרע היסטאָרישע זינד שלעפּען די רוסישע מאָנארכיע אין דעם דאָזיגען תהום אריין, אז זי קאָן זיך ניט אָבזאָגען פון איינפלוס אויפ'ן באלקאן, אז איהר איז אונמעגליך זיך אָבצוזאָגען פון דעם, פאַרוואָס זי האָט אזוי פיעל מלחמות געפיהרט. די גענאָסען אין דייטשלאַנד זיינען נאָך בכלל ווייניג בעקאנט מיט די פראגען פון אויסערליכער פּאליטיק, האָבען זיי עס ניט געזעהן.

מען דאַרף וויסען, אז דייטשלאַנד האָט ערשט פאַר די לעצטע 15—20 יאָהר אָנגעהויבען פיהרען א וועלט־פּאליטיק. ביסמארק האָט נאָך געזאָגט, אז די גאנצע באלקאן־פראגע איז ניט ווערטה די ביינער פון איין פּריסישען סאָלדאַט. ער וואָלט נאָך גאָר נישט געהאַט געגען דעם, אז רוסלאנד זאָל זיך צונעהמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איצט איז די הערשאַפט איבער פּאָדער־אזיען געוואָרען פאר דעם דייטשען אימפּעריאליזם א פראגע פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. דער וועג אין סאַלאָניק געהט דורך סערביען און גריכענלאנד און פערבינדעט בערלין מיט באגדאד. די הערשאַפט איבער דעם וועג אין סאַלאָניק איז דאַרום געוואָרען דער חלום פון אלע אימפּעריאַליסטען אין דייטשלאַנד. נור ווי שטענדיג, איז דאָ אויך די פּראקטיק געגאנגען פאָראויס פאר דער טעאָריע, דער פאַקט פריהער פאר'ן געדאַנקען. די מאַסען האָבען זיך נאָך ווייניג אינטערעסירט מיט די פראגען פון אויסערליכער פּאָליטיק, האָבען נאָך ווייניג פערשטאַנען די סכנה, וואָס עס שטעקט אין די דאָזיגע פראַגען פאַר דער קולטורעלער ענטוויקלונג. די כחות, וועלכע די אימפּעריאליסטישע טענדענצען פערמאָגען, האָט מען אָבגעשאַצט צו נידעריג; די אייגענע כחות האָט מען איבערגעשאַצט. ביז דער מלחמה האָט געהערשט א איבערצייגונג, אז א וועלט־קריעג בעדייט א וועלט־קאַטאַסטראָפע פאר די קאפּיטאליסטישע לענדער, אז דער רע־

---

*) מיין ערשטער בריעף האָט געמוזט דורכגעהן דורך די מיליטער־צענזור, און איך האָב דעריבער אין איהם ניט געקאָנט געבען קיין פולשטענדיגען בילד פון די שטימונגען, וועלכע הערשען איצט צווישען די ארבייטער־מאַסען אין דייטשלאַנד, אויף וויפיעל מיר האָט זיך עס איינגעגעבען צו בעאָבאַכטען. וויל איך אין מיין איצטיגען בריעף צוגעבען אייניגע נייע שטריכען, און אויף אזא אופן מאַכען דעם בילד בולטער.

זולטאט פון א מלחמה וועט זיין א סאָציאַלע רעוואָלוציע. מען האָט דעריבער געמיינט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, וועלכע שטעלען דאָ אין קאָן אַלץ, וועלען זיך נאָך אין דער לעצטער מינוט בעדענקען און ניט דערלאָזען צו א מלחמה. און אין די רעדעס אויף די מיטינגען ערב קריעגס־ערקלעהרונג האָט מען נאָך געקאָנט הערען די דאָזיגע זיכערקייט, אַז דער קאָנפליקט צווישען עסטרייך מיט סערביען וועט זיך ענדיגען פריעדליך.

ווי די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין יענעם מאָמענט געקוקט אויפ'ן קריעג, קען מען בעסער ווי אַלץ ארויסזעהן פון דעם לייט־ארטיקעל אינ'ם סאָציאַליסטישען אָרגאַן „נייע צייט“. דער לייט־ארטיקעל געהערט דעם גענאָסע ווענדעל און ער איז ערשיענען דעם 31טען יולי, מיט א טאָג פריהער, איידער דער קריעג איז ערקלעהרט געוואָרען.

„פערלאַנגען, אז די מיטשולדיגע אין סעראַיעווער מאָרד, וועלכע געפינען זיך אויף דעם סערבישען באָדען, זאָלען בעשטראָפט ווערען, שרייבט ווענדעל, דאָס צו פערלאַנגען איז צעהן מאָל פאר איין מאָל געווען דאָס גוטע רעכט פון דער עסטרייך־אונגאַרישער רעגיערונג, און אזא פאָרדערונג וואָלט סערביען ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט אָבזאָגען. אנשטאַט דעם האָבען די עסטרייך־אונגארישע מאכטהאָבער, פייפענדיג אויף רעכט און גערעכטיגקייט, ארויסגעשטעלט אזעלכע פאָרדערונגען, וואָס ווען סערביען זאָל זיי נאָכגעבען, וואָלט זי דערמיט זיך אליין אין פנים געשפיגען, זיך אליין ארויסגעגעבען צו עסטרייך־אונגארן אויף שטראָף אָדער גנאָד, זי וואָלט זיך פערוואַנדעלט אין א סאטראַפּיע פון די האבסבורגער; דען ווען עס זאָל אויסגעפיהרט ווערען דער פינפטער פונקט פון דעם ניעדערטרעכטיגען וואונש־צעטעל, אז עסטרייך־אונגארן זאָל מיטווירקען אונטערצודריקען די פיינדליכע בעשטרעבונגען געגען דער מאָנאַרכיע, וואָלט סערביען אויף לאַנג געבליבען אונטער דער קאָנטראָל פון עסטרייך, און חוץ דעם ריהרט אויף יעדערע פון די צעהן פאָדערונגען גראָב אָן דאָס רעכט פון זעלבסט־בעשטימונג, וואָס געהערט א אונאבהענגיגען שטאַט. אויף דעם קאָן זיין נור איין ענטפער — דער קריעג.“

ווייטער אנערקענט ווענדעל, אז עסטרייך־אונגארן האָט אין דעם סעראַיעווער מאָרד נור געפינען אן אויסרעד „זיך אָבצורעכענען מיט סערביען, אָברעכענען זיך דערפאר מיט סערביען, הלמאי סערביען עקזיסטירט, וואַקסט און געדייהט“...

ווי דער לעזער זעהט, פערטהיידיגט דאָ ווענדעל קלאָהר סערביען געגען עסטרייך־אונגארן.

ווייטער בעטראַכט ווענדעל די פראַגע, צי איז מעגליך צו לאָקאַליזירען דעם קריעג צווישען סערביען און עסטרייך־אונגארן, און ער איז אין ספק, צי וועט זיך דאָס איינגעבען. דאַמאָלט, מיינט ער, וועלען די גרויסמעכטע דורך דער שווערקייט פון זייערע אייגענע בעוואפנונגען אריינגעצויגען ווערען אין דעם אַלגעמיינעם קאמפף און די דייטשע יוגענד וועט פערגיעסען איהר בלוט פאר — יא, פאר וואָס? סוף־כל־סוף פאר דעם אבסאָליטיסטישען רעזשים פון די האַבסבורגער אין באָסניען און קראָאַציען און פאר דעם וואוכער־פראָפיט פון די אונגאַרישע חזירים־באַראָנען.

אין דעם זעלביגען גייסט האָבען אויף די איבעריגע אָרגאַנען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געשריעבען. ליידער האָט די דאָזיגע אויפקלעהרענדע ארבייט ניט לאַנג געדויערט. ווי נור דער קריעג איז ערקלעהרט געוואָרען, האָט זיך אַלץ אומגעביטען.

אומגעפעהר אין א מאָנאַט ארום, דעם 28־טען אויגוסט, שרייבט שוין דער זעלביגער ווענדעל אין דער זעלביגער „נייע צייט“:

„ווען מען נעהמט דעם קריעג, וועלכער האָט אָנגעצונדען די אלטע אייראָפּא פון אלע פיער עקען און מען לעגט אויף איהר ארויף נור דעם שאנד־שטעמפּעל פון אימפּעריאַליסטישען וועלט־קריעג, ווען מען טהוט אזוי, אורטהיילט מען פון דעם קיהלען שטאַנדפּונקט, אויף וועלכען עס וועט שטעהן דער געשיכטע־שרייבער, וואָס וועט לעבען נאָך אונז. מיר, מענשען פון דער איצטיגער צייט, וואָס זיינען ליידענשאפטליך בעוועגט, אריינגעצויגען אין דעםווירבעל פון די געשעהענישען, מיר מוזען טהאָן, האַנדלען; און אונז דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען איז דער געזעץ פון האנדלען לייכטער פאָרגעשריעבען איידער די פראנצויזישע אָדער גאָר די ענגלישע סאָציאַליסטען. מיר האָבען געגען אונז דעם אַלטען בייזען פיינד פון יעדער פרייהייטליכער ענטוויקלונג אין אייראָפּאַ, דעם צאַריזם... און אזוי וועלען זיך די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דעם גרויסען קאמפף געגען דעם צאַריזם שלאָגען מיט אזא טאַפּפערקייט, וועלכע וועט אלע אונזערע געגנער פערשעמען, ניט פאר די יונקערס פון אָסט־עלבען, ניט פאר די אימפּעריאליסטישע בורזשואזיע, ניט פאר דאָס דריי־קלאסען־וואהל סיסטעם און ניט פאר די צאָל־וואוכער־פּאָליטיק, נור פאר דער זיכערקייט פון דער היימאט, פאר דער צוקונפט פון'ם ארבייטער־קלאס און פאר די פרייהייט פון אייראָפּא“.

ווענדעל האָט שוין געפונען דעם ציעל פון דער מלחמה: פאר די פרייהייט פון אייראָפּא!

מיט א טאָג פריהער, איידער די מלחמה איז ערקלעהרט געוואָרען, האָט נאָך דער בערלי־

נער „פאָרווערטס“ געשריבען, אז רוסלאנד איז
שוין היינט ניט דאָס, וואָס אמאָל. היינט וועט
א מלחמה געגען רוסלאנד נור אָפּשוואכען די
רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג. און דאָך,
ווי נור עס האָט זיך געביטען די שטימונג, האָט־
בען זיך באַלד די ארגומענטען אויך געביטען...

מיר איז אויסגעקומען א סך צו רעדען
מיט דייטשע גענאָסען וועגען דער גרויסער
אומוועגדונג אין זייער בעציהונג צום קריעג.
דער הויפּט מאָטיוו, וועלכען זיי האָבען גע־
בראַכט, איז דורכאויס ריכטיג. ווי באַלד די
שרעקליכע מלחמה איז געוואָרען א פאקט, איז
הגם זיי זיינען אין איהר ניט שולדיג און קיין
שום פעראנטוואָרטליכקייט פאר איהר נעהמען
זיי אויף זיך ניט, זיינען זיי דאָך מחויב צו
פערטהיידיגען זייער פאטערלאַנד געגען דעם
איבערפאַל פון די רוסישע בעוואָפענטע מחנות.

מען קען ניט לייקענען, אז די סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע האָט רעכט דערויף. עס איז אונ־
מעגליך ניט אנצוערקענען, אז אויף א פאָלקס־
פּארטיי ליעגט א חוב צו פערטהיידיגען דאָס
פאָלק אין מינוט פון געפאַהר. ווען די אגענטען
פון דער רעגיערונג אין רוסלאנד העצען אויף
די אונבעוואוסטזיניגע מאסען און זיי פאלען אָן
אויף יעדען, קלעהרט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע
ניט לאַנג און אָרגאַניזירט א ענטשיעדענעם
ווידערשטאַנד. ווי אזוי־זשע קאָן מען פאָדערען
פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זי זאָל ניט גע־
בען קיין ווידערשטאַנד, ווען דער שונא בע־
פאַלט איהר לאַנד, בעת אזא איבערפאַל איז
דאָך אויך פערבונדען מיט ראבעווען און רו־
אינירען פריעדליכע איינוואוינער? ס ו ב ־
י ע ק ט י ו ו זיינען דעריבער גערעכט אי די
דייטשען, אי די פראנצויזען, אי די בעלגיער,
ווען זיי פערטהיידיגען זייער לאַנד פון א פיינד־
ליכען איבערפאַל. און אויב פערטהיידיגענדיג
זיך, קומט אויס אָנצופאַלען אויף א חבר, איז
דאָס איינער פון די פיעלע ווידערשפּרוכען פון
דער קאפּיטאליסטישער אָרדנונג.

מיר אלע ווינשען, אונזער לאַנד זאָל איג־
דוסטריעל אויפבליהען. נור וואָס בעדייט עס
ביי די בעדינגונגען פון דער קאפּיטאליסטישער
פּראָדוקציאָן? אין 99 פאלען פון הונדערט,
הייסט עס ניט אנדערש, ווי עקספּלואטירען אנ־
דערע לענדער, רייך ווערען אויף א פרעמדע
רעכנונג. פערשטעהט זיך, אז סוביעקטיוו ווי־
לען מיר עס ניט, פערקעהרט, ווי ווייט מעגליך,
קעמפּפען מיר געגען עקספּלואטירען פרעמדע
לענדער, קאָלאָניען, און ד. גל. אָבער פאַקטיש
קומט אויס, אז מיטהעלפענדיג צו דער איג־
דוסטריעלער אויפבליהונג פון אונזער לאַנד,
פערשטאַרקען מיר דערמיט איהר עקאָנאָמישע
הערשאַפט איבער אַנדערע. דאָס איז שוין די
קאַפּיטאַליסטישע לאָגיק אזעלכע, און בעפרייען
זיך פון איהר וועט זיין מעגליך נור, ווען מען
וועט זיך פונ׳ם קאַפּיטאַליזם בעפרייען. דאָס־

זעלבע איז אויך אויף דער מלחמה. קעמפּפענ־
דיג פאר אונזער אייגענעם פאטערלאנד, שטע־
לען מיר אין געפאַהר א פרעמדע לאַנד. און דע־
ריבער בעקומט זיך אזא לאַגע, אז יעדער צד
טהוט אין איינער און דערזעלבער צייט ביידע
זאַכען: ער פאַלט אָן און פערטהיידיגט זיך.

אויב איך אַנערקען אויף אזא אופן, אז די
דייטשען האָבען אויך פולע רעכט צו פערטהיידי־
גען זייער פאטערלאנד פון פיינדליכען איבער־
פאַל, קאָן איך פונדעסטוועגען ניט אנערקענען,
אז די גאנצע פיהרונג פון דער דייטשער סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען ריכטיג און טא־
דעללאָז.

פריהער פאר אלץ האָבען זיי ניט גענוג
פעסט בעטאַנט, אז דער דייטשער אימפּעריא־
ליזם איז אויך שולדיג אין דער דאָזיגער
מלחמה, ניט ווענינער פאר דעם אימפּעריאליזם
פון אנדערע לענדער. זיי האָבען ניט פּראָטעס־
טירט געגען דעם, וואָס די מלחמה איז ער־
קלעהרט געוואָרען אָהן דעם רייכסטאג, אָהן
דעם הסכם פון די פאָלקס־פערטרעטער. אמת,
די דייטשע קאנסטיטוציע גיט דעם קייזער דאָס
רעכט צו ערקלעהרען קריעג. אָבער די סאָציאַל־
דעמאָקראַטען האָבען דאָך געדאַרפט פאָדערען,
אז דער רייכסטאג זאָל די פראגע בעשטימען.
און דאָס איז ניט בלויז א פשוט׳ע פאָרמאַלי־
טעט. ניין. א מלחמה קאָן צום ווענינסטען ביז
א געוויסען גראַד טראָגען דעם נאָמען פאָלקס־
קריעג נור דאַמאָלט, ווען דאָס פאָלק אליין בע־
שטימט די פראגע איבער מלחמה און שלום.

ווי באַלד אָבער דאָס איז ניט געשעהן,
האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען בעדאַרפט ער־
קלעהרען, אז מען האָט זיי אריינגעצויגען אין
קריעג געגען זייער ווילען, געצוואונגען; זיי
ווילען געוויס קעמפּפען, כדי צו פערטהיידיגען
זייער פאטערלאַנד, דערביי ווילען זיי אָבער
קיינמאָל ניט פערגעסען די, וואָס זיינען אין
דעם דאָזיגען פערברעכען שולדיג.

ווי בעוואוסט, הערשט אין דייטשלאַנד
איצט „בורג־פריעדען“, דאָס הייסט, מען הערט
מעהר ניט פון קיין קלאַסען־קאמפף, די אר־
בייטער האָבען אויפגעהערט צו סטרייקען; די
צייטונגען האָבען געביטען דעם טאָן, זיי בע־
טראַכטען שוין מעהר ניט קיין פראגען פון אי־
נערליכע פּאָליטיק, פאָלגען שוויינענדיג די פער־
אָרדנונגען פון די מיליטער־פיהרער אפילו אין
פראַגען פון אינערליכע פּאָליטיק, פּראָטעסטי־
רען ניט, אפילו ווען די דאָזיגע הערען ערלוי־
בען זיך גוואַלדטהאַטען געגען דער פּרעסע, גע־
גען איינינע חברים און איבערהויפּט געגען
אויסלענדער. פאר די ערשטע צוויי חדשים פון
קריעג זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע פּאָליטישע
פערזאמלונגען. אונז איז אויך ניט אויסגעקו־
מען צו לייענען קיין איינציגען ארטיקעל, וואָס
זאָל קריטיקירען וועלכע עס איז, אפילו די אונ־
בעדייטענדסטע, מאָסמיטלען פון דער ארמי־

ניסטראַציע. די „לייפּציגער פֿאָלקס־צייטונג“, למשל, האָט געפּרופט אַרויסזאָגען אַ וואונש (מעהר ניט ווי אַ וואונש!), אַז די רעגיערונגס־בעאַמטע זאָלען אָבגעבען אַ טהייל פון זייער געהאַלט פאַר די וואָס האָבען געליטען פון דער מלחמה; האָט זי באַלד בעקומען אַ התראה פון דעם קאָמאַנדיר איבער דעם אָרטיגען גאַרניזאָן, און זי איז אַנטשוויגען געוואָרען. דעם „פֿאָרווערטס“ האָט מען פערמאַכט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די העזה צו דערצעהלען, ווי מען קוקט אין די נייטראַלע לענדער אויף דייטשלאַנד. אָן ערלויבניש וויעדער צו ערשיינען האָט ער בעקומען ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט צוגעזאָגט מעהר ניט צו בעריהרען די פראַגען פון קלאַסענקאַמפּף.

איך האָב געפרעגט ביי איינעם אַ רעדאַקטאָר פון דער „לייפּציגער פֿאָלקס־צייטונג“, מיט וואָס ערקלעהרט זיך אַזאַ מין פּיהרונג פון דער פּרעסע און פון דער פּאַרטיי. האָט ער מיר געענטפערט: „מיר האָבען וואָס צו פערליערען פון'ם רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף... און עס איז גאַנץ וואַהרשיינליך, אַז דאָס איז די סיבה ניט בלויז פון דעם, וואָס די פּאַרטיי האַלט זיך דערווייל אָפּ פון רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, נור אויך פון דעם, וואָס דער קלאַסענקאַמפּף האָט צייטווייליג אין גאַנצען אויפגעהערט.“

פ אַ ק ט י ש איז די לאַגע איצט אַזעלכע, אַז פּיהרען אַן עקאָנאָמישען קאַמפּף איז אונמעגליך. די אַרבייטסלאָזיגקייט איז אַ שרעקליכע. און די פעראיינען פון די אונטערנעהמער וואָלט איצט ניט שווער געווען צו ברעכען אַלע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פון די אַרבייטער. אויס מורא ניט צו פערליערען זייערע קאַסעס, אויס מורא די לאַגע פון די אַרבייטער זאָל ניט ווערען נאָך ערגער, לאָזען די פּיהרער ניט־ווילענדיג זיך היפּנאָטיזירען פון די ווערטער: אין דייטשלאַנד איז ניטאָ מעהר קיין פּאַרטייען... דאָסזעלבע איז מיט דער פּאָליטישער פּאַרטיי: זי פּיהלט אויף איהר מאַכטלאָזיגקייט. זאָגט דאָך קויטסקי אַליין, אַז נור אויף אַזאַ אופן איז איהר געלונגען איינצוהיטען איהר פּרעסע.

דאָך, ווען מען קוקט זיך צו נעהנטער צו דער ווירקליכקייט, קאָן מען לייכט בעמערקען, אַז דער קלאַסענקאַמפּף האָט אפילו צייטווייליג אויך ניט אויפגעהערט. אמת, דער פעראיין פון די אונטערנעהמער האָט געמעלדעט זיינע מיטגליעדער, זיי זאָלען איצט ניט ברעכען די אָבמאַכען. אָבער פּאַקטיש פערקלענערען איינצעלנע אונטערנעהמער דעם לוין, זאָגען אָפּ אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט געפונען קיין חן אין זייערע אויגען און אַז. וו., און די קאַרטעלען און טראַסטען זעהען אויך צו פערגרעסערען זייער פּראָפיט אויפ'ן חשבון פון געברויכער, דורך דעם וואָס זיי הויבען אויף די פּרייזען אויף סחורה. אין דייטשלאַנד איז אַלץ טהייערער געוואָרען, אפילו אַזעלכע פּראָדוקטען, וועלכע עס זיינען פאַראַן אין דייטשלאַנד צופיעל; און די רעגיערונג אייזלט זיך ניט צו בעשטימען אַ טאַקסע אויף די נויטהיגסטע לעבענסמיטלען, אַז העכער זאָל קיינער ניט טאָרען פאָדערען. נאָך מעהר, די רעגיערונג האָט אָקאָרשט ערלויבט אַרויסצופיהרען פון לאַנד צוקער, הגם די פּרייזען שטעהען איצט גענוג הויך, און דייטשלאַנד נויטהיגט זיך אין פוטער פאַר די בהמות און וואָלט געקאָנט אויף דעם פערטהון איהרע צוקער־בוריקעס. נור ווי שטעלט מען זיך אַנטקעגען די פאָדערונגען פון די מעכטיגע אַגראַריער — פון די רייכע לאַנד־ווירטען — צוקער־פאַבריקאַנטען?

און איינהיטען אַז די קאַסעס פון די פעראיינען זאָלען בלייבען פול, וועט זיך אויך ניט איינגעבען. די אַרבייטסלאָזיגקייט איז אַזוי גרויס, דאָס ניט קוקענדיג אויף דער הילף מצד איניגע שטאָדטישע מוניציפּאַליטעטען, ווערען דאָך די קאַסעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אויסגעשעפּט און לעדיגער פון טאָג צו טאָג. מען האָט מיר געזאָגט, אַז די שטאַרקסטע פעראיינען וועלען קוים אויסהאַלטען דריי־פיער מאָנאַטען. און, און דאַמאָלט וועלען דאָך די אונטערנעהמער שוין איינגאַנצען פערגעסען אָן דעם, אַז עס זיינען ניטאָ מעהר קיין פּאַרטייען...

דאָס זעלבע קומט אויס צו זאָגען וועגען דער פּרעסע. דערווייל געהט זי אַרויס כמעט אין דער זעלבער צאָהל, נור די גרויס פון די צייטונגען איז געוואָרען בעדייטענד קלענער. אָבער דער קריזיס, וואָס דער קריעג האָט אַרויסגערופען, האָט נאָך ערשט אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען זיין ווירקונג. צי וועלען די אַרבייטער קאָנען אויסהאַלטען זייער פּרעסע נאָך אַ האַלב־יאָהר קריעג, דאָס איז אַ גרויסער ספק. די מורא וויעדער, אַז ביי אַן אַנדער פּאָליטישער שטימונג וואָלט די פּרעסע מיט גוואַלד דערשטיקט געוואָרען, די דאָזיגע מורא איז נאָך מיין מיינונג שטאַרק איבערטריבען. אמת, די יונקערישע אָפיציערען, וואָס ביי זיי אין האַנד איז איצט די ממשלה, זיינען ניט פיעל בעסער פאַר דער רוסישער ביוראָקראַטיע. זיי זיינען אָבער דאָך ציוויליזירטער און רעכענען זיך מעהרער מיט דער געזעלשאַפטליכער מיינונג פון אייראָפּא, איבערהויפּט אין דער צייט פון אַ קריעג. זיי וואָלטען ניט וואָגען צו פערמאַכען דעם מויל אַ גאַנצען דריט חלק פון דער בעפעלקערונג, וואָס זיין הילף אין דער מלחמה איז פאַר זיי אַזוי וויכטיג. זיי פערשטעהען, אַז מיט אַזאַ פּיהרונג וואָלטען זיי אַרויסרופען אַ טיפע אונצופריעדענקייט ביי זייערע פאָלקסמאַסען און אַ שמחה און אַ האָפנונג אויף אַ רעוואָלוציע ביי זייערע געגנער, וועלכע כאַפּען אונטער יעדען סימן פון אונצופריעדענקייט צווישען די פאָלקסמאַסען אין דייטשלאַנד. ביסמאַרק אין

זיין צייט האָט בעת דער מלחמה ניט געשטערט צו בעטראַכטען אַלערליי פראַגען פון אינערליכער פּאָליטיק. ווען די איצטיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטען וואָלטען פון אָנהויב אָן גענומען אזא טאָן, אז זיי האָבען ניט בדעה זיך אונטערצוגעבען אַלע פּאָדערונגען פון די יונקערס, וואָלטען זיי זיך געוויס דערשלאָגען א גרעסערע פּרעסע־פרייהייט. איין פּאַרטיי־צייטונג אין ברעמען שרייבט גענוג פריי, און איהר איז גאָר נישט געשעהן.

מען מוז אָבער זאָגען אָפען, אז אין די רעדאַקציעס פון א סך פּאַרטיי־צייטונגען, איבערהויפּט אין דרום־דייטשלאַנד, האָט דער „פּאַטריאָטיזם" פּערדונקעלט דעם קלאַסען־בעוואוסטזיין, וועלכער איז ביי זיי אין א געוועהנליכע צייט אויך ניט געוועזן זעהר קלאָהר, און דאָרטען שרייבט מען „פּאַטריאָטישע" אַרטיקלען, ניט פון יוצא וועגען, נור פון גאַנצען הארצען . . .

אפילו איינציגע צייטונגען פונ'ם ראַדיקאַלען פליגעל אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי „די לייפּציגער פאָלקסצייטונג", האַלטען זיך ניט איין פון שרייענדיגע פּאַטריאָטישע פראַזען. די דאָזיגע צייטונג האָט אפילו אמאָל געשריעבען: „אונזער פלאָט" . . .

עס איז א וועהטאָג צו שרייבען וועגען דעם אַלעם, איבערהויפּט פאַר א מענשען, וועלכער האָט זיך איינגעלעבט מיט דער דייטשער אַרבייטער־בעוועגונג. נור דער אמת איז פריהער פאַר אַלץ. די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער צוקונפט פּאָדערט פון אונז, מיר זאָלען קיין זאַך ניט בעהאַלטען, קיין זאַך ניט בעפּוצען... איך ווייס, פערשטעהט זיך, אז די סאָציאַליסטישע פּרעסע אין אנדערע קריעגפיהרענדע לענדער, א חוץ ענגלאַנד, האַלט זיך ניט בעסער. אפילו צווישען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען הויבט זיך אויך אָן א „פּאַטריאָטישע" שטימונג. דאָס בעווייזט צווישען אנדערע אויך דער בריעף פון גענאָסע מאַסלאָוו אין „רוסקייא וויעדאָמאָסטי", וואו ער שרייבט, אז אויפ'ן ערשטען פּלאַן שטעהט איצט דער קאַמפּף געגען דעם שונא.

נור דאָס לעגט נור ארויף א חוב אויף די, וואָס האָבען איינגעהיט דעם קלאָהרען קלאַסענבעוואוסטזיין, אָנצואווייזען אויף די אבווייכונגען פונ'ם סאָציאַליסטישען וועג, וועלכע זיי בעמערקען. איך בעאָבאַכט דאָס דייטשע לעבען, און מיר קומט אויס צו רעדען נור פון דייטשלאַנד. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די אַנפיהרערין פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, שטעהט אין דעם יעצטיגען מאָמענט פון שווערען קריזיס ניט אויף דער הויך, וועלכע די לאַגע פּאָדערט.

מען דאַרף וויסען, אז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט מקריב געווען אויפ'ן מזבח פונ'ם „בורג־פריעדען" ניט בלויז דעם כאַראַקטער פון איהר פּרעסע אליין; זי האָט זיך אויך אָבגעהאַלטען און ניט פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס דייטשלאַנד האָט געבראָכען דעם נייטראַליטעט פון בעלגיען און פון לוקסעמבורג. אַלע מאָטיווען וואָס די דייטשע אָפיציעלע ספערען ברענגען צו פערענטפערען זייערע מעשים, ווי די סטראַטעגישע נויטהווענדיגקייט למשל, קאָנען ניט זיין קיין תירוץ פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע דאַרף שטעהן אויף דער וואַך פאַר די אינטערנאַציאָנאַלע אָבמאַכען. מיר פּאָדערען דאָך, אז דעם פּלאַץ פון דער איצטיגער בעוואַפענטער געגנערשאַפט זאָלען פערנעהמען פריעדליכע אינטערנאַציאָנאַלע אָבמאַכען. היינט וואָס פאַר א זין קאָנען האָבען די דאָזיגע אָבמאַכען, ווי באַלד, אז ווער עס וויל קאָן זיי ברעכען? איך ווייס ניט, אויב דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט זיך איינגעבען צו פערענטפערען פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל דאָס, וואָס זי האָט געשוויגען און ניט פּראָטעסטירט געגען די גוואַלדטהאַטען איבער די בעלגיער. מיר דוכט, אז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט מיט דעם געגעבען דעם אינטערנאַציאָנאַל א שטאַרקען קלאַפּ.

קייקלענדיג זיך באַרג אַראָפּ, איינהיטענדיג דעם „בורג־פריעדען", פּאָדערען די דייטשע גענאָסען שלום ווייט ניט אזוי ענערגיש, ווי זיי דאַרפען עס טהון לויט דער בעוואוסטער רעזאָלוציע פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען. זיי זאָגען, אז די צייט פאַר שלום מיט פראַנקרייך וועט קומען דאַמאָלט, ווען פראַנקרייך וועט בעזיעגט ווערען. דאָס זעלבע זאָגען אויך די דייטשע שאָוויניסטען, וועלכע שטרעבען דערצו, דייטשלאַנד זאָל פערכאַפּען די הערשאַפט איבער דער וועלט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מוז דאָך אָבער ארויסגעהן נור פון דעם שטאַנדפּונקט פון זיכערקייט פאַר דעם אייגענעם פאַטערלאַנד. דער דאָזיגער ציעל איז דאָך שוין דער[illegible] גע[illegible] מען קאָן דאָך אפילו ניט קלעהרען, אז נאָך קור־גאַנצער רייהע מפּלות, וואָס זיי האָבען געליטען, זאָלען די פראַנצויזען זיין אימשטאַנד צו שטעלען אין געפאַהר די דייטשע גרענעצען.

פיעלע פון די דייטשע גענאָסען זיינען איבערצייגט, אז נאָך דעם קריעג וועלען זיי אנערקענט ווערען פאַר גלייכבערעכטיגט. אז אין פּרייסען וועט איינגעפיהרט ווערען אַלגעמיינע וואַהל־רעכט און ד. גל. מיר איז אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם מיט מיטגליעדער פון בורזשואַזע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען. יענע זיינען פריי פון אזעלכע אילוזיעס . . . איך פערשטעה ניט, ווי אזוי די דייטשע גענאָסען, וועלכע וויסען, ווער די פּרייסישע יונקערס זיינען, קאָנען אפילו דערלאָזען דעם געדאַנקען, אז יענע וועלען מיט'ן גוטען ווילען נאָכגעבען צוליעב א פראַזע פון ווילהעלמען... מיט די פּרייסישע יונקערס קומט מען אזוי לייכט ניט דורך... זיי פייפען אויף די ווערטער פון זייער קעניג. צי

האָט דען ווילהעלם ניט לאַנג צוריק ניט צוגעזאָגט צו רעפאָרמירען דאָס וואַהל־סיסטעם אין פּרייסען? ניין, פּאָליטישע פּאַרטייען לאָזען אָב זייער הערשאַפט נור אונטער דעם דרוק פון מאַכט. און צי וועט די מאַכט נאָך דער מלחמה זיין אויף דער זייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? אָט דאָס איז די פראַגע.

שוין ניט צו רעדען פון מאַטעריעלע קראַפט, פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלען בעדייטענד אָבגעשוואַכט ווערען, וועט די מלחמה מיט איהר שאָוויניסטישער שטימונג יעדענפאַלס ניט צוגרייטען קיין באָדען פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם. מען קאָן זאָגען, אז אין דער צייט פון'ם קריעג קעמפּפען צווייערליי כחות פאַר פּאָפּולאַריטעט: די כחות פון דער פערגאַנגענהייט, וועלכע דער אימפּעריאַליזם האָט איצט בענייט, דער מאָנאַרכיזם, דער יונקערטום, און די כחות פונ'ם סאָציאַליזם. די פיעלע דייטשע פירשטען און קעניגע מיט זייערע פּרינצען פון פערשיעדענע מדרגות זיינען אוועק אויף מלחמה; עס זאָל הייסען, אז זיי פיהרען אָן די ארמעע. וויטער, די אמת'ע פיהרער פונ'ם מיליטער זיינען אויך כל המינים אדעליגע, אלץ „פאָן“ און „פאָן“. הגם אויפ'ן שלאַכטפעלד שטעהען איצט מיליאָנען, און אפילו די בורזשואַזע „פראַנקפורטער צייטונג“ האָט אַנערקענט, אז דער אמת'ער העלד פון דעם איצטיגען קריעג זיינען די מאַססען; אָבער ביי דעם „שפּיעס־בירגער“ און אַפילו ביי דעם וועניג בעוואוסטזיניגען ארבייטער קומט דאָך אויס, אז די העלדען פון דער מלחמה זיינען די פּרינצען און די פאָן־קלוקס, וואָס די צייטונגען צוטראָגען זייערע נעמען איבער דער גאַנצער וועלט, און ניט די נאַמענלאָזע מאַססע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בעמיהט זיך אַפילו צו פערווערען [illegible] די נצחונות פון'ם דייטשען מיליטער לענדיג [illegible] איהר רעכנונג; זי פערזיכערט, אז דאָס דייטשל[illegible]ען צו פערדאַנקען דער שולע און דער דיסציפּלין, וועלכע די מאַססען האָבען זיך אויסגעלעהרענט ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. נור אויף וויפיעל איך האָב געקאָנט בעמערקען, איז דערווייל איהר מיה אין דעם פּרט אומזיסט. נאָך מעהר, זי איז דאָ נאָך אַ מאָל אריינגעפאַלען אין אַ שעדליכען טעות. ווייל זי האָט געוואָלט בולטער ארויסשטעלען איהרע פערדיענסטען אין דעם דאָזיגען קריעג, האָט זי אויף זיך אויך גענומען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר גאָר די אונמענשליכקייט, וואָס די יונקערס־אָפיציערען האָבען אָבגעטהאָן. די דייטשע גענאָססען האָבען זיך שטאַרק בעליידיגט אויף די בעלגיער און פראַנצויזען, דערפאַר וואָס יענע האָבען זיך געקלאָגט אויף די בעסטיאַלע גרויזאַמקייטען פון דער דייטשער ארמעע. „די דייטשען זיינען ניט קיין באַרבאַרען“, זאָגען זיי און פערגעסען דאַביי, אז אין אַ מלחמה, וועלכע איז בכלל געגען דער מענשליכער נאַטור, פערליערען אַלע שטרייטענדע צדדים דעם מענשליכען געשטאַלט, אז די פּרייסישע יונקערס זיינען אין דעם פּרט ניט זעהר ווייט אוועק פון די קאָזאַקען־אָפיציערען... אין צוג האָב איך געהערט, ווי אַ פערוואונדעטער דייטשער סאָלדאַט האָט דערצעהלט, אז זיין אָפיציער האָט בעפוילען „נעהמען וואָס וועניגער געפאַנגענע...“ וועט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַזאַ מין פעראָרדנונג? פערשטעהט זיך, אז ניט. אמת, זי האָט איצט קיין מעגליכקייט ניט ארויסצוטרעטען געגען די דאָזיגע גרויזאַמקייטען, דאַרף זי אָבער אויך ניט ארויסטרעטען צו פערטהיידיגען די ארמעע, וועלכע ווערט אָנגעפיהרט פון די כל המינים „פאָנ'ס“..

און ווען מען זאָל סוף־כל־סוף פרעגען: צי וועט אָט דער „בורג־פריעדען“ לאַנג האַלטען, וועט אויסקומען צו זאָגען, אז אין דעם פּרט לאָזען זיך אויך די קלאַסען־געגענזאַצען אפילו צייטווייליג ניט פערטושען. פריהער אָדער שפּעטער וועט זיך שטעלען די פראַגע וועגען שלום. און דאָ נעהען זיך די וועגען פאַנאַנדער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך בפירוש ארויסגעזאָגט געגען יעדע אַנעקסיאָן, געגען אָברייסען פון די געגנער און צונעהמען פאַר זיך שטיקער טעריטאָריע. די אַנדערע פּאַרטייען פאָדערען, פערשטעהט זיך, אז דייטשלאַנד זאָל פערברייטערען איהר טעריטאָריע. מען רעדט וועגען אַנעקסירען טהיילען פון בעלגיען, פראַנקרייך און רוסלאַנד, איבערהויפּט די קאָלאָניען פון די דאָזיגע לענדער. איך ווייס ניט, צי וועט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבען גענוג מאַכט גובר צו זיין די דאָזיגע אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען. זי וועט אָבער אַלענפאַלס ארויסטרעטען ענערגיש, איבערהויפּט [illegible] פערקלענערען די אייראָפּעאישע טעריטאָריע פון פראַנקרייך און בעלגיען. וועניגער ענערגיש וועט זי קעמפּפען געגען פעראייניגען רוסיש־פּוילען מיט עסטרייך, ווייל עס הערשט אַ מיינונג, אז די פּאָליאַקען גופא ווילען עס. (אין דער אמת'ן ווילען עס נור די עסטרייכישע פּאָליאַקען.) און נאָך וועניגער וועט זי קעמפּפען געגען קאָלאָניאַלע ערָאָבערונגען. איך האָב שוין געשריעבען, אז די שטרעבונג צו וועלט־הערשאַפט, דער אימפּעריאַליזם האָט איצט אַ גרויסען איינפלוס אויך אויף די מחות פון די ברייטע ארבייטער־קרייזען. אין 1907, אין דער צייט פון די וואַהלען, איז די פראַגע וועגען דער בעדייטונג פון קאָלאָניען געוואָרען דער צענטראַל־פּונקט פון'ם קאַמפּיין, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פערלאָרען אַ סך מאַנדאַטען, אַ סך פּלעצער אין פּאַרלאַמענט. פון דאַמאָלט אָן זיינען אַ סך „סאָציאַל־דעמאָקראַטען“ פון דעם מין, ווי קוועסעל, שיפּעל און ה. גל. געוואָרען אַנהענגער פון קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. דער בעוואוסטזיניגער טהייל פון דער פּאַרטיי איז, פערשטעהט זיך, געגען קאָלאָניען,

און דאָך וועט די פּאַרטיי ניט זיין אים שטאַנד צו קעמפּפען געגען פערברייטערען דעם דייטשען קאָלאָניאַלען געביט, ווי באַלד, אז אפילו די איינפלוסרייכע „פראַנקפורטער פאָלקסשטימע“ איז ארויסגעטראָטען דערפאַר, אז מען דאַרף ענערגיש פערטהיידיגען „אונזערע קאָלאָניען“... אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אין דער פראַגע וועט מען זיך אָנהויבען פאַנאַנדערגעהן, דער „בורג־פריעדען“ וועט געבראָכען ווערען, עס וועט זיך אויפהויבען א קאַמפף און צו די פּאָליטישע חלומות און אילוזיעס וועט נעהמען א סוף. איבעריגענס, וועגען דעם אין די פאָלגענדע בריעף.

שלום אַש

דער וועג צו זיך:

ראָמאַן.

קאַפּיטעל 31.

דער טויט אין ווענעדיג.

עס איז געוועזן א וואַרימער נאָך־מיטאָג, און זיי האָבען זיך ביידע ארומגעדרעהט איבער די שמאָלע געסלעך פון ווענעדיג, איבער דעם סט.־מאַרקוס־פּלאַץ. די טויבען זיינען איבער דעם מאַרק געפלויגען, געדרעהט זיך ווי גוטע שכנים צווישען די מענשען און האָבען אראָבגעגעסען פון די מענשענס הענד.

ווענעדיג איז געלעגען איינגעהילט אין א וואַרימען, לייכטענדען נעבעל, וואָס האָט זיך געהויבען פון ים און איז געהאַנגען איבער דער סט.־מאַרקוס־קירכע, איבער די הויכע, אַלטע הייזער. און דאָס ליכט אין דער לופט האָט אויסגעזעהן, ווי פער'כשופ'טע זינדיגע דאַמען זיצען אין הימעל און וואַרפען אויף אַלץ זייער זינדען־שלייער אַראָב, און פון די שלייערס עטעמט ארויס דער גערוך פון זייערע שמעקענדע לייבער, פון זייערע זיסע פּערפומען, פון זייער ליעבע־דורשט — וואָרום אזוי דורכגעזאַפּט איז געוועזן די לופט. מענשען האָבען געלעבט ווי אין טומאַן, ווי אין חלום. און אין דער לופט איז געשטאַנען מערי, און איהר איינגלישער קערפּער האָט זיך ארויסגעשניטען פון איהר קליידונג. די שוואַרצע האָר־לאָקען האָבען זיך ארויסגעריכען פון איהר רונדיגען ספּאָרט־הוט, מיט וועלכע דער ווינד האָט זיך געשפּיעלט. אַרום איהר האָבען טויבען געקלאַפּט מיט זייערע פליגעל, געפלויגען איבער איהר קאָפּ, ארומגערינגעלט איהר קערפּער און געגעסען אויס איהרע הענד. און זי האָט זיך געפרעהט מיט זיי און געלאַכט צו זיי און איז ענליך געוועזן צו א פויגעל, צו א טויב פון א אַנדערן מין, וואָס שפּיעלט זיך אין ליעבע מיט די טויבען.

יאַש האָט געקוקט אויף איהר, ווי זי שטעהט צווישען די פליגעל־טויבען, און געשמייכעלט צו איהר. דער סוד, וואָס האָט זיך געלעגט ווי א טרויער איבער זיין שטערען, איז אויך נאָך היינט נישט פערשוואונדען, נור היינט איז ער פרייער, זיכערער עפּיס און שוין שטאַרקער. און ער נעהמט אָן מיט זיין שטאַרקער האַנד מערי'ס אָרים און פיהרט זי ארויס פון טויבען־געוויש.

— קום צום ברעג פון ים.

און דער ים גיסט זיך אויס פאַר זיי אין דער אונענדליכקייט און ווערט פערשוואונדען אין א לייכטענדעס ליכט, וועלכעס קאָכט אויף די וועלען. איינצעלנע גאָנדאָלען, קליינע שיפלעך פערפיהרען די וועלען אין דער ליכטיגער אונענדליכקייט אַריין. און מערי און יאַש געהען אויף דעם לאַנגען בולוואַר. קעגען זיי קוקען אַראָב די אַלטע ווענעציאַנישע הייזער מיט זייערע ערנסטע געוועלבען, מיט זייערע ערנסטע שווערע פענסטער, מיט זייערע גאַרדינען און אַלטע גראָהע קעפּ פון די איטאַליענישע סענאָרעס. און יאַש פיהרט מערי'ן פאָרזיכטיג ביי דער האַנד, קוקט איהר אין די אויגען אַריין און זאָגט אזוי:

— דאָס לעבען איז שעהן, מערי, און א שאָד עס צו פערלאָזען. עס מאַכט נייגעריג און מען וויל וויסען, וואָס עס וועט זיין א טאָג נאָכ'ן טויט.

און ער האָט איהר געקוקט אין די אויגען אַריין און געשמייכעלט און אָנגענומען זי ביי דער האַנד:

— זאָג דעם אמת, עס וואָלט דיך געאַרט א טאָג נאָך מיין טויט צו געהן מיט א צווייטען ביי דעם ברעג פון ים? מיין געשפּענסט וואָלט דיר אפשר נור געשטערט — איך נישט... מיין נישט, אַז איך האָב דיך דערפאַר פיינט,

פערקעהרט, אפשר ליעב. די מענשען זיינען אזוי פעראיינזאמט, אז קיינער קען נישט מעהר געבען דעם צווייטען, וויפיעל ער לאָזט איבער אויפ'ן טיש נאָכ'ן זאט ווערען.

דערויף איז ער טרויעריג געוואָרען און געזאָגט ווי פאר זיך:

— די אַלטע זיידעס האָבען כאָטש אויס־געטראכט א אחדות און א לעבען אויף דער צווייטער וועלט. יעדער טויט איז אזוי לייכט אָנגעקומען — איבערגעגאנגען פון איין וועלט אין דער צווייטער. די סאָציאַליסטען מוזען אזא צווייטע וועלט ערפינדען. נישט פאר די, וואָס וועלען לעבען בלייבען, נור פאר די וואָס שטאַרבען. ווארום א צווייטע וועלט דארף מען נישט פאר לעבעדיגע, זיי האָבען גענוג די וועלט — נור פאר די טויטע. אז נישט, וועלען די סאָציאַליסטען קיינמאָל ניט אַריינדרינגען אין לעבען אַריין און קיינמאָל ניט בעהערשען, ווארום זיי זיינען צו אָרימלעך פאר די מענשען.

— צו וואָס זאָגסטו מיר דאָס אַלעס?

— איך ווייס נישט. האָסטו נישט דאָס געפיהל, אז אין ווענעדיג איז דאָ דער טויט? אפשר איז עס איבער א בוך, וואָס איך האָב געלעזען איבער ווענעדיג, נור איך האָב גע־האַט דאָס געפיהל נעכטען אין אָווענד, ווען מיר זיינען אין שטאָדט אריינגעפאָהרען, אז דער טויט פאָהרט אונז נאָך אין א גאָנדאָלא.

מערי האָט איהם אָנגעקוקט. ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, וואָס זי. זי האָט זיך אָבער ניט געוואָלט לאָזען פעררעטען, האָט זי פערשארט געשמייכעלט, געוויזען איהרע צייהן און געזאָגט מיט א שטאָך:

— איך האָב געמיינט, אז די רעוואָלו־ציאָנערען און דערצו נאָך די „פוילישע בויאוועצעס" האָבען נישט קיין מורא פאר'ן טויט.

ער האָט זי ביי דער האַנד אָנגענומען.

— ווען איך וואָלט געווען געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. איבעריגענס געוועהנט זיך א מענש צו צו דעם טויט. דער טויט ווערט היימישער מיט'ן מענש, וואָס עלטער דער מענש ווערט. אָט למשל, ווען איך בין א קינד גע־ווען, האָב איך גאַר נישט געגלויבט, אז מענ־שען שטאַרבען. איך האָב געמיינט, אז דער טויט איז נור אין איינצעלנע צופאַלען. דער־נאָך, אז דער טויט האָט צום ערשטען מאָל פון מיינע בעקאנטע צוגענומען מיינס א חבר, האָב איך אָנגעהויבען צו גלויבען, אז דער טויט איז יאָ דאָ, נור איך וועל תמיד, תמיד לעבען. מיין לעבענס אינסטינקט האָט מיך נישט צו־געלאָזט, אז איך זאָל צוגעבען, דאָס איך וועל א מאָל שטאַרבען. אז איך בין עלטער געוואָ־רען, בין איך נאָך בעקאנטער געוואָרען מיט'ן טויט, היימישער געוואָרען. ער האָט וואָס א מאָל מעהר פון מיינע בעקאנטע צוגענומען. אזוי, אז נאָך מיין מאַמעס טויט בין איך שוין גאַר מיט איהם משפחה געוואָרען און איך בין בערייט אויף איהם, און איך האָב שוין קיין מורא פאר איהם. נור דאָס וואָס איך רעד פון איהם איז דאָס דערפאר, ווייל ווענעדיג שטימט אזוי. יאָ, קוק אויף די שווארצע גאָנ־דאָלען, אויף די קאנאַלען, אויף די טויטע, שטומע הייזער, וואָס שטעהען פערשלאָסענע ביי די קאנאַלען — איז עס ניט א טויטע שטאָדט? דאָ, דאכט זיך מיר, געהט דער טויט ארום אין א מאַסקע אָנגעטהון צווישען די לע־בעדיגע.

דער יונג איז געווען זעהר ערנסט ביי זיין רעדען. דאָס האָט אויף מערי'ן געווירקט און זי האָט דערפיהלט, אז דער סוד, וואָס דער יונג טראָגט אין זיין האַרץ, האָט א שייכות מיט'ן טויט און ער ריכט זיך אויף איהם.

זי איז דערשראָקען געוואָרען פאר איהם און ער איז איהר פרעמד געוואָרען, ווי ער וואָלט שוין אין אן אַנדערער וועלט געקעהרט. דערביי האָט זי דאָס פרעמדאַרטיגקייט גע־רייצט, די סכנה, וואָס שמעקט נעבען איהם און דער טויט וועגען וועלכען ער רעדט. זי האָט איהם צוגערעדט, אז זיי זאָלען פאָהרען מיט א גאָנדאָלע איבער דער שטאָדט.

אין איינע פון די סטאַנציעס האָבען זיי גענומען א שווארצע גאָנדאָלע און געלאָזט זיך איבער די קאנאַלען פון שטאָדט.

דער יונג איז געוואָרען פרעהליך און האָט אָנגעהויבען צו פייפען פון מאָניושקא'ס אָפּע־רע, און גערייצט זיך מיט מערי'ן, און פערפיהרט א געשפרעך מיט די פיהרער — נור מערי האָט זיך פלוצלונג אָבגערופען:

— און גלויבסטו נישט, אז ס'איז דאָ א צווייטעס לעבען און מיר די לעבעדיגע האָבען א בעציהונג מיט די, וואָס זיינען שוין אין צווייטען לעבען . . . זיי זיינען נעבען אונז און מיט אונז, נור מיר הערען זיי נישט און זע־הען זיי נישט, ווייל זיי זיינען אזוי שטיל און אזוי אונזיכטיג, אז אונזערע חושים זיינען נאָך צו מאַטעריעל צו דערפיהלען זייער נאָהענט־קייט. ווען מיר וועלען זיך אונזערע חושים אויסאיידלען און זיי וועלען מסוגל ווערען צו פערנעהמען די איידעלסטע טענער, דענסמאָל וועלען זיי אויך פערנעהמען די נשמות, וואָס זיינען ארום אונז. אזוי ווי די חושים פון א גראָבען מענשען קענען נישט פערנעהמען די טענער פון אן איידעלע מוזיק, אזוי קענען מיר נאָך נישט פערנעהמען דעם לעבען פון די נשמות, וואָס שוועבען ארום אונז.

— אז מען שטאַרבט, באַקט מען בייגעל, מיין געליעבטסטע—זאָגט דער יונג, אָנגעלעהנט אויף דער בארקע — קושט די קליינע, פרי־שע ליפעלעך (ווייזט ער אויף מערי'ן) אן אַנ־דערער, עסען די קרומע ווייסע צייהן אן אַנ־

דערען, טראָגט אויף די הענד דעם לייכטען שמעקענדען קערפּעריל, ווי אַ פלעשעלע פּאַרפום, אַן אַנדערער. און ביסט דו דערביי, קענסטו נישט קיין צוויי צעהלען — לאַכט דער יונג.

— און איך קען אַ פּאָר, וואָס האָבען געלעבט צווישען זיך נאָכ'ן טויט, — זאָגט מערי.

— נאָכ'ן טויט! דאָס איז אינטערעסאַנט. ווערסט אפשר דערצעהלען.

ער זעצט זיך נעבען איהר. די נאַכט הויבט זיך אָן אַריינצושלייכען אין וואַסער אַריין.

— איז געווען אין פּעטערבורג אַ יונגער מוזיקער. איך האָב איהם געקאָנט — אַ איד. האָט גאָר נישט געוואוסט און גאָר נישט מעהר געקענט, נור זיין מוזיק, זיין פיעדעל און זיין מענדעלזאָהן. אַ סענטימענטאַלער, אַ דינער און אַן איידעלער ווי אַ מוזיקער. און געהאַט האָט ער אַ געליעבטע אויך אַזוי ווי ער — אַ סענטימענטאַלע, א דינע, אַן איידעלע — צוויי שירערישע טיפּען אידעאַליסטען. און אַז זיי זיינען ביידע צוזאַמענגעזעסען, ער האָט געשפּיעלט און זי האָט געהערט, איז עס געווען איין וועזען. מיר האָבען זיי גערופען די פויגעלעך, ווארום זיי זיינען טאַקע געווען אַ פּאָר ווי פייגעלעך. שטענדיג האָט מען זיי געזעהן געהן אינאיינעם, קיינמאָל נישט בעזונדער, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען שוין אַזוי בעשאַפען געוואָרען. פּלוצלונג איז זי קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען. און ער האָט ווייטער געלעבט. ער האָט נור אויפגעהערט צו שפּיעלען אויף זיין פיעדעלע, זיך נישט געוויזען פאַר מענשען, געזעסען איינגעשלאָסען ביי זיך אין שטיבעל גאַנצענע טעג און פערגעסען אַן דער וועלט.

איינמאָל האָט איהם אַ פריינד מיטגענומען אויף אַ ספּיריטיסטישען סעאַנס, וואו מען האָט אַרויסגערופען זיין פערשטאָרבענע כלה. זי האָט איהם געלאָזט זאָגען, פאַר וואָס ער רופט זי קיינמאָל ניט אַרויס. און אַז מען האָט זי געפרעגט דורך וועלכען וועג קען זי קומען צו איהם, האָט זי געענטפערט: דורך זיין פיעדעלע.

פון דאַמאלס אָן איז דער אָרימער שפּיעלער געזונד געוואָרען. ער האָט ווייטער געלעבט מיט מענשען, לעקציעס געגעבען, נור אַהיים געקומען אויף דער נאַכט, האָט ער זיך אין זיין שטיבעל איינגעשלאָסען, דעם לאָדען צוגעמאַכט, דעם לאָמפּ אָנגעצונדען און אַנידערגעשטעלט אַ שטוהל פאַר איהר, גענומען דאָס פיעדעלע אין דער האַנד אַריין און האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען. איז זי ערשיענען פּאַר איהם, האָט ער זיך געפרעהט מיט איהר און ווייטער געלעבט מיט איהר ווי פריהער... יאָ, מען קען די טויטע צוריק אַרויסרופען. מען דאַרף נור האָבען מיט וואָס און מען דאַרף נור וועלען. זיי וואַרטען נור אויף אונזער רופען און ווען מיר קלעהרען פון זיי, זיינען זיי ביי אונז.

יאַש, וועלכער האָט זיך איינגעהערט צו איהרע רייד און צו דער בעקאַנטער ווייכער שטים, וואָס האָט אָבגעקלונגען אין דער לופטען, האָט געכאַפּט איהר האַנד אין זיינע און געקוקט איהר אין פּנים אַריין און געפרעגט זי בלויז און טרוקען געצעהלטע ווערטער:

— וועסט דו מיך אויך אַ מאָל אַרויסרופען מיט דיין קלעהרען וועגען מיר?

מערי, וועלכע האָט פערשטאַנען, אַז דער יונג וויל איהר יעצט זאָגען דעם סוד, וואָס דריקט איהם — האָט זיך געשראָקען פאַר איהם און געזוכט אויסצומיידען. האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— דו רעכענסט דאָך נישט אַזוי פלינק צו שטאַרבען, יאַש.

יאַש האָט איהר אָבער פערטריבען דאָס געלעכטער און געזאָגט ערנסט און זיכער:

— יאָ: ווייסטו, אַז מיין רייזע יעצט איז ניט קיין האָכצייטס־רייזע, נור אַ טויט־רייזע.

—יאַש, — האָט זי איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד — וואָס רעדסט דו?

— שווייג. קיין איין וואָרט ניט מעהר דערפון.

אין דעם אויגענבליק איז פון אַ זייטען־קאַנאַל אַרויסגעפאָהרען אַ שוואַרצע גאָנדאָלע, אין וועלכער עס זיינען געשטאַנען פיער מענשען מיט שוואַרצע מאַסקעס אָנגעטהאָן און האָבען געהאַלטען פיער שטולקאַצען אין די הענד. אויף דער גאָנדאַלע האָט זיך געפונען אַ שוואַרצע טרונע, בעלעגט מיט בלומען און די פיהרער פון די גאָנדאָלע, וועלכע זיינען געוועזן פון דער חברה בעגרעבער, וואָס טראָגען נאָך דעם טראַכט פון מיטעלאַלטער, האָבען אויך געטראָגען די געהיימניספולע אַנגעטהוער'ס מיט די שוואַרצע מאַסקעס. עס האָט אויסגעזעהן ווי די טרעגער וואָלטען געווען די שלוחים פון טויט. און דער טויט פאָהרט אויף זיי. הינטער זיי איז געפאָהרען די לויה.

יאַש און מערי האָבען זיך אָנגעקוקט. דער יונג איז בלייך געוואָרען.

קאַפּיטעל 32.

רויטע רויזען.

צווישען מענשען האָבען זיי זיך געוואָלט בעהאַלטען פון דער שרעק פאַר'ן טויט, וואָס איז זיי בעפאַלען. זיי האָבען זיך נישט אָבגערעדט און דאָך האָבען זיי ביידע געוואוסט, אַז אין דערהיים זיין קענען זיי נישט. זיי האָבען זיך אָנגעטהון און זיינען אַוועק אין אַ קאַבאַרעט, אין איינעם פון די שמוציגסטע ווינקעלעך פון שטאָדט.

דאָרט האָבען זיי אָנגעטראָפען אַ חברה ציגיינער, װעלכע האָבען געזונגען ליעדער און איינינע צװייפעלהאַפטע איטאַליענער, װעלכע האָבען זיי בעגלייט מיט די גיטאַרען. אַ קליין שװאַרץ־חנ'עװדיג „כשוף־מיידעל", װעלכע איז ארומגעגאַנגען צװישען עולם און אַלעמען גע־טראָפען אויף דער האַנד, האָט זיי מעהר צוגע־צױגען װי אַלעס אַנדערע אין קאַבאַרעט. דאָס מיידעל האָט געהאַט אַ לייב װי אַ שלאַנג און אויגען פער'שכור'טע. און אַז זי האָט גערעדט מיט זיי האָט דאָס מיידעל זיי אַזוי טיעף אין די אויגען אריינגעקוקט, אַז עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דאָס מיידעל װייסט דעם סוד פון טויט, װאָס יאָגט זיי נאָך, און גיט זיי אָנצוהערען דערפון מיט איהר בליק.

יאַש האָט געפּרואװט אָנ'שכור'ן זיך. מערי האָט איהם אָבער איינגעהאַלטען, נישט געגעבען און ארויסגעצױגען איהם מיט געװאַלד פון דעם שרעק־גרוב. זיי האָבען זיך נאָך לאַנג ארומגעדרעהט איבער די גאַסען. די גאַסען זיינען געװען שטיל און טונקעל בעלויכטען. מערי האָט איהם אָנגעקוקט און אָנגענומען ביי דער האַנד:

— װאָס, ביסט קראַנק, יאַש?

דער יונג האָט זיך דערשראָקען און פער־שעמט פאַר דעם װאָרט. עס האָט זיך אין איהם ערװעקט זיין גאַנצע קראַפט און עס האָט איהם ארומגענומען אַ שאַנד איבער זיין שװאַכקייט. איז ער ארוים מיט אַ געלעכטער.

— פערשטעהסטו נישט, אַז איך לאַך, מע־רי? גיב דיין מויל, מיין שעהנער פױגעל.

— און ער האָט זי געכאַפּט אויף זיינע הענד און אָנגעהויבען זי ארומטראָגען איבער די גאַסען.

זי האָט זיך געריסען פון איהם, זי האָט געהאַט דאָס געפיהל, װי עס װאָלט זי אָנגע־ריהרט נישט־גוטעס. אָבער דער יונג האָט געפּרואװט צו פעריאָגען פון איהר דעם שרעק, װאָס ער האָט איינגעפּליסט אין איהר מיט זיין פיהרען זיך. ער האָט פערשטאַנען װי ער מוז יעצט שעהן אויסזעהן ביי איהר און אַז זי װעט זיך עקלען אָנריהרען זיך אָן איהם — האָט ער געלאַכט, איבער'ן װעג זי טראָגענדיג:

— קינד דו, װאָס איז דער טויט? ער איז מיין פריינד, מיין אינטימסטער, אינטימ־סטער פריינד.

מיט די רייד זיינען זיי אין זייער צימער אריין.

ער האָט זי גענומען אויף זיינע קניען און געהאַלטען זי װי אַ פולען קעלך מיט געטראַנק און געקושט איהרע ליפּען, האָט צו איהר גע־רעדט אין װאַרימקייט, װי ער װאָלט געװאָלט אַנטלויפען פון דער שרעק פון טויט צו איהר לייב.

— איז דיין ליעבע דען נישט אינטערע־סאַנטער און שטאַרקער נאָך פון דעם טויט? װען דו קוקסט אויף מיר, װען דיינע שװאַרצע לאָקען ריהרען מיין האַרץ אָן. װען איך פיהל דעם געשמאַק, װאָס יאָגט פון דיין לייב — אָ, װען הונדערט טויטען װאָלטען געװען אויף דעם װעג צו דיר, װאָלט איך דורך זיי דורכגעטרע־טען און געקומען צו דיר!

זי האָט איהם געקוקט אין די אויגען אריין. פון זיי האָט יעצט דאָס לעבען ארויס־געשפּראָצט. אָבער דאָך האָט זי זיך געשראָ־קען פאַר איהם. עס איז איהר געװען, װי ער אַנטלויפט פון עפּיס און זוכט שוץ ביי איהר.

זי האָט זיך פּלוצים פון זיינע אָרימס ארויסגעריסען. קיין אַנדערע שטוב האָבען זיי ניט געהאַט, האָט זי זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ װינקעל בעט, צוגעדעקט זיך מיט די קאָלדרעס און געציטערט, ער זאָל נישט צוגעהן צו איהר.

אָבער פון זיין געזיכט און פון זיינע בע־װעגונגען איז שוין פערשװאונדען די שרעק פון טויט, און דער יונג האָט יעצט געעטעמט מיט לעבען.

צו מאָרגענס זיינען זיי אַװעק פון װענעדיג קיין פלאָרענץ.

אין דער זונען־שטאָדט, ביי דעם געמיט־ליכען, פרעהליכען לעבען, װאָס עס פיהרט דער מיטעלאַלטערישער נעסט — איז אינגאַנצען פערשװאונדען די טרויעריגע שטימונג, אין װעלכע עס האָט זיי אריינגעבראַכט דאָס האַלב־פערנעבעלטע װענעדיג מיט זיינע קאַנאַלען און מיט זיינע שװאַרצע גאָנדאָלען. זיי האָבען זיך דאָ ביידע געפיהלט װידער יונג, פריש און פער־געסען אין דעם „סוד", װאָס שװעבט צװישען זיי. עפּיס װי אַ משא איז אראָב פון יאַש'ס פּלייצעס. װען ער איז געגאַנגען לוסטיג איבער די פלאָרענטינער גאַסען, אויף דער מיטעלאַל־טערישער בריק איבער דער „ארנא", װאו עס שטעהען נאָך אויסגעשטעלט די ביידלעך פון די סקולפּטאָרען, װי אין מיכאַל־אַנדזשעלאָ'ס צייטען. אַלץ איז דאָ געװען אַזוי בעקאַנט, עפּיס היימיש און דערביי אַזוי אַלט, װי דער זיידע און די באָבע װאָס זיצען אין זייער פאַטער־שטוהל. די שטאָדט שטעהט נאָך מיט איהרע מנהגים, װי דענסמאָל, װען עס האָבען נאָך געלעבט אין איהר די אַלטע גרויסע מייסטערס. און עס דאַכט זיך זיי, אַז געהען זיי דורך אַ בודקעלע, אין װעלכען עס װאױנט דער מייסטער דאָנאַ־טעלאָ, אַז זיצט ער פאַר דער טהיר. און פאַר זיין טהיר, אַלס שילד פון זיין מלאכה, שטעהט זיין קליינער „דוד". זיי קומען אריין צו איהם: באָן זשאָנאַ, מאַעסטראָ דאָנאַטעלאָ! און בע־שטעלען ביי איהם אַ קליינע בראָנז־פיגור אויף אַ קאַמין־זייגער . . .

זיי האָבען נישט געװאָלט געהן אין די

מוזעאום׳ס. די זון האָט צו ליכטיג געשיינט,
און די גאַסען מיט די געוועלבלעך און די שעה־
נע פלאָרענטינער מיידלעך, וואָס אַלע האָבען
זיי אויסגעזעהן ווי אַרומגעהענדיגע לעבעדיגע
קאָפּיעס פון באָטיטשעלי׳ס, פון טיציאַן׳ס, פון
לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי׳ס בילדער, זיינען געווען
די שעהנסטע רייכסטע מוזעאום׳ס.

גאַנצע טעג האָבען זיי זיך אַרומגעדרעהט
איבער די רוישענדע מיטעלאַלטערישע גאַסען,
וואו דאָס לעבען איז עהנליך געווען, ווי ווען
די אַלמעכטיגע מעדיצים וואָלטען נאָך אין
זייערע שלעסער געזעסען און די דאָזשען דרע־
העין זיך אין די גאַסען ארום. און באַלד ער־
שיינט אַ קורטיזאַנקע מיט איהר גאַנצען שטאַב.
די קליינע אַפּעלעך לויפען איהר נאָך און זי
האַלט אַ פּאַפּוגאַי אין דער האַנד צום צייכען
פון איהר פּראָפּעסיע און די דאָזשען בעשטעלען
ביי איהר די נאַכט־לאַגערס . . . אָדער סאַ־
וואַנאַראָלאַ וועט באַלד מיט זיינע קינדער־שאַ־
רען דורכציהען די גאַסען און וועט אויפפּאָ־
דערן די בעפעלקערונג ארויסצוגעבען די היידי־
נישע קונסט־ווערק צו פערברענען אויף די
פייער־הויפענס . . . אויף דעם ביבעל אַנדזשע־
לאָ־פלאַץ האָט געהערשט די קאָפּיע פון אנדזשע־
לאָס „דוד“. ווי אַ יונגער נאַקעטער בעזיעגער
איז דער שעהנסטער מענשען־קערפּער גע־
שטאַנען אויף דעם באַרג און בעהערשט מיט
זיין אינגלישען לייב דעם גאַנצען טאָל, דעם
טייך און די האַלבע שטאָדט, וואָס זיינען גע־
לעגען צו זיינע פיס. זיי האָבען זיך צוגעקוקט
צו זיינע יונגע שטאַרקע בריסטען, אין וועלכע
די שטראַהלען פון דער זון האָבען זיך אָבגע־
שלאָגען, און ער איז געגליכען געווען ווי א יונ־
גער גאָט וואָס שטעהט דאָ און בעהערשט די
וועלט מיט זיין שעהנקייט.

מיט אַ טאָג פריהער האָבען זיי דעם אָרי־
גינאַל געזעהן אין מיכעל אַנדזשעלאָ׳ס זאמ־
לונג. דאָרט שטעהט ער ווי אַ רעליקווע, דער
שטיין צו וועלכען מיכעל אנדזשעלאָ האָט זיך
אָנגעריהרט און פון זיין האַנד איז ארויס זיין
„דוד“. דאָרט איז דער דוד צוגעשלאָסען אין
דער האַלע און ער רייסט זיך פון די פיער וועגד
ארויס, ער קען נישט פערטראָגען דעם דאַך אי־
בער זיין קאָפּ. און דאָ שטעהט ער אין דער
פריי, אין דער זון. איבער זיין קאָפּ איז גאָט
און דער הימעל, צו זיינע פיס — די ערד און
די וועלט, און ארום איהם — די זונען־שטראַה־
לען. דאָס איז די ריכטיגע וואוינונג פאַר דעם
שעהנסטען מענשען־קערפּער, וואָס דער מייסטער
האָט בעשאַפען.

נאָך בעסער האָבען זיי זיך געפיהלט, ווען
זיי זיינען ביידע אין אַ פּאָר טעג ארום געקומען
קיין רוים.

רוים איז געווען איינגעטונקט אין
אַ ים פון רויטע רויזען. די רויזען זיינען צייט־
יג געוואָרען און די גאַסען, און די פּאַלאַצען
און די זיילען און די קארסעס זיינען פול גע־
וועז מיט רויטען. איבער די געמויערטע ווענד
האָט זיך געגאָסען דער רויזען־שטראָם, ווי
דער ווייז וואָלט זיך איבער זיי געגאָסען. און
רוים האָט אויסגעזעהן, ווי עס וואָלט פערטונ־
קען געווען אין דעם ליכטיגען, רויטען, בליהענ־
דען רויזען־רעגען.

אין די מוזעאום׳ס זיינען זיי נישט געגאַנ־
גען. זיי האָבען זיך ארומגעדרעהט ארום די
אַלטע מויערן, ארום די שטיינער און די פּאַ־
לאַצען, אויף וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּי־
געלט די געשיכטע פון דער וועלט. און עס
האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זיינען מיט גע־
ווען ביי די אַלע טהאַטען, וואָס האָבען זיך אָב־
געשפּיעלט דאָ אין דעם רוים. און ווען זיי
זיינען ביינאַכט דורכגעגאַנגען די שמאָלע קאָר־
סאָ, וואו פון די שענקען און ויין־קעהלערס
האָט זיך געהערט אַ שכורים־געזאַנג — האָבען
זיי געזעהן די רוימישע סענאָרען און סענאָרי־
נעס, וואָס פילען אָן די קאָרסאָ, און די נאַ־
קעטע יונגלינגען, וואָס יאָגען זיך אין זיי און
די שעהנע רוימערינס וואָס וואַרפען זיך זיי אין
די אַרמס אריין. זיי האָבען געזעהן צעזאַר׳ן
דורכציהען מיט זיין חייל, אַנטאָניוס׳ן, ווי
ער האַלט פאַר די פערזאַמעלטע רוימער זיין
רעדע געגען ברוטוס׳ן און פאַר איהם ליגט דער
ערמאָרדעטער צעזאַר. זיי האָבען פערנומען די
טריט פון די ערשטע קריסטען, וועלכע שלייכען
זיך דאָ צווישען די שקלאַפען פון די רייכע רוי־
מער, האָבען געהערט דעם קלאַנג פון די גלעק־
לעך ביים דורכציהען פון פּאַפּסט, פאַר ווע־
מען די אַלטע אידען בויגען זיך און ער טרעט
מיט זיין פוס אויף זייערע קעפּ . . . אַלעס
האָט זיך ביי זיי אויסגעמישט. צעזאַר, פּעט־
רוס, יוליוס דער צווייטער, מיכעל־אַנדזשעלאָ,
ראַפּאַעל מיט זיינע שילער אינאיינעם מיט אַ
היינטיגען רוימער סוביעקט, וועלכער געהט אין
קינעמאַטאָגראַף ; די אַלטע לעקטיקעס אינ־
איינעם מיט די עלעקטרישע טראַמוואַיען, וואָס
יאָגען איבער די גאַסען ; די זיילען, די
רעשטען פון אַלטען רוים מיט די אַפּישען פון
די מאַגאַזינען — אַלעס איז געוואָרען אויסגע־
מישט און אַלעס איז געווען בעשאָטען מיט רוי־
זען, רויזען, רויזען . . .

אין גרויסען קאָליזעאום דרעהט זיך די
לבנה אַליין ארום. זיי שטעהען אין אַ פענ־
סטער פון א לאָזשע און קוקען אין דעם אונ־
היימליכען רוים ארום. אפשר אין דעם פענ־
סטער פון דער לאָזשע, וואו זיי שטעהען יעצט,
איז אַמאָל טיטוס געזעסען און צוגעקוקט זיך
ווי די גבורים פון יהודה, זיינע געפאַנגענע,
ראַנגלען זיך מיט די לייבען. האָבען זיי נאָך
פערנומען די קרעכצען, די לעצטע טויט־גע־
שרייען פון די קרבנות, דאָס ברומען פון די

חיות, וואָס זיינען דאָ פערהאַרטעט געוואָרען צווישען די שטיינער, און ביינאַכט, ווען די לבנה שיינט און קיינער איז נישטאָ, שפּיעלען זיך נאָך אַ מאָל אָב די סצענעס, וואָס האָבען זיך דאָ אָבגעשפּיעלט. אָדער עס קומען די טויטע קרבנות צו געהן אויפצוזוכען זייערע אָנגעוואָרענע גליעדער, וואָס זיינען דאָ פערוואָרפען געוואָרען פון די חיות. זוכען זיך די שעהנע קריסטען־מיידלעך זייערע האָר אויף, די אידען — זייערע קעפּ, און דאָס זיינען די שאָטענס, וואָס דרעהען זיך דאָ ביינאַכט ארום צווישען די ווענט.

און קוק דיך גוט אין די ווענד איין, אין די טויטע פענסטער, צווישען וועלכע עס קוקט די לבנה אריין, אין די הויכע טרעפּ — זעהסטו נישט דאָרט נעראָנען זיצען, צעזאַר'ן, טיטוס'ן, וועספּאַסיאַנוס'ן ?

סוד'עט זיך נישט דאָרט ברוטוס מיט וועמען און רעדען אָב דעם בונט אויף צעזאַר'ן, קוקט זיי נישט נאָך אַנטאָניוס און פערשטעהט וואָס זיי רעדען, שטעהט נישט דער גאַלאַנט פּעטראָניוס און קוקט זיך צו מיט זיין שמייכעל ארום. אָדער זיצט ניט ערגיץ אין אַ ווינקעל אין טיטוס'עס לאָזשע יאָזעפוס פלאַוויוס. טיטוס האָט איהם מיטגענומען, אַז ער זאָל זיך צוקוקען ווי די חיות צורייסען די גבורים פון יהודה און ער נעהמט אוועק זיין אידיש געזיכט, ער קען נישט פערטראָגען קיין בלוט, און טיטוס קוקט איהם אין פנים אריין און שמייכעלט.

און דאָרט וואַרפט זיך זיין טאָכטער אליין אַראָב אין דער אַרענאַ. זי וויל טיילען דעם גורל פון איהר פאָלק.

און אַ ביסעל ווייטער — זעהסטו קומט פעטרוס אליין אָן פון וועג צו בויען דאָ דאָס נייע קעניגרייך . . . און באַלד דערביי איז אַ בעוועגונג, אַ בעלעבונג און אַ געשריי און אַ האַנדעל — פערקויפען די אידען פיש אויף די אַלטע מאַרמאָרנע פּלעצער, וואָס זיינען איבערגעבליבען פון ווענוס און אַפּאָלאָ'ס טעמפּלען . . . און די עלעקטרישע און גאַז־ליכט בעלייכטעט זייערע פאַרמעט־געזיכטער, לאַנגע נעז און דערשראָקענע אויגען, אין וועלכע עס איז פערשטיינערט געוואָרען די שרעק פאַר'ן קאַרנאַוואַל, וואו מען האָט זיי געיאָגט איבער דער קאָרסאָ. און זייערע טעכטער, וואָס האָבען אַ מאָל געמוזט טעפּיכען אויסהעפטען צו בעפּוצען טיטוס'עס טריאומף־בויגען צום קאַרנאַוואַל־פעסט, דרעהען זיך יעצט איבער די שמאָלע טראָטואַרען ארום, ווינקען מיט פערשאַרטע אויגען, הייבען אויף די שמאָלע קליידלעך, ווייזען זייערע געטאָקטע פיסלעך און פערפיהרען דעם פרעמדען אין די טונקעלע קאָרידאָרען פון די אַלטע הייזער אין זייערע קליינע שטיבלעך אריין.

אויף דעם העכסטען באַרג, געגענאיבער דעם וואַטיקאַן, שטעהט די אידישע שוהל, צו וועלכער מען דינגט יעדען טאָג פון די פישער אידען אויף אַ מנין — אַ נקמה פון דער קירכע. און אין וואַטיקאַן איז דער קריסטוס־פערטרעטער איינגעשלאָסען און זיינע שווייצארישע וועכטער שטעהען, ווי די סטאַטיסטען אין אַן אנשטענדיג טהעאַטער, פאַר די טויערען פון שלאָס. און זייער צאָהל איז ווינציגער ווי די סטאַטיסטען־סאָלדאַטען ביי אַן אנשטענדיגע אויפפיהרונג פון „יוליוס צעזאַר.“

זיי זיינען ביידע אַרומגעגאַנגען ווי שכור אין דער אַלטער זינדיגער שטאָדט, שכור פון דעם לעבען, וואָס איז דאָ אַ מאָל געווען און איז נאָך יעצט, פון דעם רויטען איטאַליענישען וויין, פון די רויטע רויזען, מיט וועלכע עס זיינען פול די מערק און די פּלעצער ; פון די שעהנע מיידלעך, וואָס דרעהען זיך אין די גאַסען ארום ; פון די אויסגעלאַסענע הערמאַ־אַפראָדיטאַ'ס און די קורטעזאַנקעס און פון די אידישע הערמאַ־אַפראָדיטאַ'ס אין דער פישער־גאַס ; פון די שאָטענס אין דער לבנה־נאַכט אין קאָליזעאום און די שאָטענס פון די אַפּאָסטאָלען ; פון די קירכען־גלאָקען און פון די חורבות פון דער אַלטער שטאָדט. און די נעכט, די נעכט מיט די שטערען איבער דעם איטאַליענישען הימעל . . .

זייער צימער איז פול געווען מיט רויזען, רויטע רויזען, פולע און זאַפטיגע, וואָס האָבען געיאָגט פון זיך אַ גערוך, וואָס האָט געוועקט יעדער טראָפּען בלוט . . . רויטע רויזען — אַרמעטום און איבעראַל. און הינטער די רויטע רויזען, האָט זיך געדאַכט, זיינען בעהאַלטען גיפטיגע שלאַנגען, וועלכע וואַרטען נור אויף דער גינסטיגער מינוט, אַז זיי זאָלען זייערע קעפּ און גיפטיגע צונגען אַרויסשטעקען פון צווישען די סאַמעטענע רויטע רויזען בלעטלעך . . .

(פאָרטזעצונג קומט)

מ. פּאַזולאָוויטש (וואָלאָנטיר)

די ארמעען אויפ'ן שלאכטפעלד

(א בריעף פון פראַנקרייך*)

קאָמפּיען, דען 16טען סעפּטעמבער.

דער דייטשער פאָרוועָרטס מארש און דער פראנצויזישער ריק־מאַרש.

דער דייטשער גענעראל שטאַב האָט ווירקליך געמעגט שטאָלץ זיין אויף זיין ארבייט. וויפיעל טויזענדער איינצעלהייטען מען האָט געדאַרפט פאָראויסזעהן, אום מעגליך צו מאַכען דעם מארשרוט פון א מיליאָנען־ארמיי פון קעלן כמעט ביז צו די ווענד פון פאַריז: אויפהאַלטען אָרדנונג אין אן אַרמיי, וואָס טראָגט זיך פאָראויס ווי א שטורם, פריי צו האַלטען די וועגען הינטער איהר, צופיהרען פראוויאַנט, אָבליידיגען איהר פון איבריגען לאסט — פון קראנקע און פערוואונדעטע סאָלדאטען, פון הונדערטער קאַליעגעוואָרענע אויטאָמאָבילען און הארמאַטען, וואָס טאָרען ניט ארייננפאלען צום שונא און צו דעם אלעמען צושטעלען אלין פרישע און פרישע ארמייען — אה, עס איז באמת נשתומם צו ווערען פאר די געשיקטקייט פון דייטשען גענעראל שטאַב, וואָס האָט אזוי גליקליך געלעזט אזעלכע גראנדיעזע פראָבלעמען...

אָבער עס איז ניט ווניגער צו בעוואונדערען די קונסט פון פראנצויזישען גענעראל־שטאַב. דאָס רעגעלמעסיגע אָבטרעטען פון דער פראנצויזישער ארמיי האָט בעוויעזען, אז די מיליטערישע אָרגאניזאציע איז גלענצענד אוועקגעשטעלט אין פראנקרייך. די סאָלדאטען זיינען אויסגעצייכענט פאָרבערייט. די גענעראַלען האָבען זיך אויף א מינוט ניט פערלארען, זיי זיינען בעקאַנט מיט די פיינסטע פיינקייטען פון דער סטראַטעגישער קונסט. בערעכענט נור: אן ארמיי וואָס געהט הינטערוויילאך. דער אַריערגאַרד און דער פראָוויאנט דארף געהן פאָראויס און דערצו, בעת די הויפּט ארמיי איז אָבגעטרעטען פון צפון צו דרום, זיינען פון דרום אלין צוגעקומען פרישע חיל פון מאראָקא, טוניס, אַלזשיר און פון ענגלישען עגיפּטען, און די צוויי געגענשטראָמען האָבען זיך געדאַרפט אונגעשטערט פריי פעראייניגען.

און עס איז דאָך ניט געווען גלאט אזוי אן אָבטרעטען — די דייטשע ארמיי האָט געזוכט ארום צו נעהמען די פראנצויזישע, און די פראנצויזישע האָט געדאַרפט זיך כסדר ארויסרייסען פון דער שוידערליכער אומאַרמונג און גלייכצייטיג זעהן אָבציהען דעם שונא פון די אינערליכע פראווינצען. עס איז ניט געווען גלאַט אזוי א געשלעג און א געלאַף, נור א מאַנעווורירען, וואו איין ארמיי זוכט די אנדערע צו צווינגען צו פערנעהמען די און ניט יענע פאזיציע, אויפצונעהמען א שלאכט איצט און ניט שפּעטער. יעדע בעוועגונג איז אויסגערעכענט ווי אויף א שאכמאַטען־ברעט.

פלוצלינג האָט גענעראל פאָן־קלוק איבערגעריסען זיין מארש אויף פאריז. עס איז איהם געוואָרען פערדעכטיג וואָס די פראנצויזישע חיל איילען זיך אזוי פריי צו מאכען פאר איהם דעם וועג צו פאריז. זיי פערלאָזען אָהן ווידערשטאַנד וויכטיגע סטראטעגישע פאזיציעס, אזעלכע בעפעסטיגטע פונקטען, ווי ריימס, למשל... אקוראט ווי דער הויפּט קאָמאַנדיר פון פראנקרייך וואָלט ספּעקולירט אויף דעם הייסען ווונש פון די דייטשען וואָס גיכער צוצוקומען צו פאריז, צו צושמעטערען פראנקרייך אין איהר מיטעלפונקט, כדי צו האָבען פרייע הענד פאר רוסלאנד... און פאריז האָט איהם גענומען שרעקען... פאריז קען זיין א פאסטקע...

די וואָס האָבען א בעגריף פון פאריז ווי פון בלויז א לעבע־שטאָדט, לעבען אין טעות. פאריז איז דער שטאַרקסטער און בעפעסטיגסטער לאגער אין דער וועלט. פאריז איז ארומגערינגעלט מיט פאָרטען, וואָס מאַכען אויס ארום פאַריז א קרייז פון 150 קילאָמעטער. אום צו בעלאגערען פאריז, פאָדערט זיך אן ארמיי פון 600 ביז 700 טויזענד מאַן. און דערווייל־ קען צוקומען א פרישע פראנצויזישע ארמיי און ווער ווייס וויפיעל מיליטער איז צונויפגעזאמעלט אין פאריז גופא?

ווען איך בין דעם 2טען סעפּטעמבער אָבגעפאָהרען פון פאריז, האָב איך געזעהן אָנקומען פינקטליך יעדע 15 מינוט מיליטערישע צוגען. קאוואלעריע, ארטילעריע, אינפאנטעריע, וויטשלאגענדע ים־הארמאטען, ים־סאָלדאטען, סאָלדאטען פון מאָראָקאָ, פון סענעגאל, אראבער פון אלזשיר, ענגלישע חיל — 100 צוגען א טאָג, דעם 2טען, 3טען, 4טען און 5טען סאמע ביז'ן 10טען און 11טען סעפּטעמבער, ווען די לאגע האָט זיך שוין געהאט געביטען...

דעם 4טען סעפּטעמבער האָט גענעראל גאַליעני ערקלעהרט, אז ער נעהמט אויף די פערטהיידיגונג פון פאריז. פלוצלונג, דעם 5טען

*) זעה פאָריגען נומער „צוקונפט“.

סעפטעמבער קומט א מיטטהיילונג פון פראנצויזישען קריעגס־מיניסטעריום, אז דער לינקער דייטשער פליגעל אנשטאט פאָרטצוזעצען זיין מארש אויף פאריז, איז אוועק צו מזרח און נעהמט וויעדער אויף זיין פלאנקען־בעוועגונג ארום דעם פראנצויזישען רעכטען פליגעל. דער דייטשער גענעראל־שטאב האָט ניט געוואָלט ריזיקירען מיט דער בעלאגערונג פון פאריז.

דאָס איז געווען א גרויסער קלאפּ פאר דעם פּלאַן פון דייטשען שטאב. דאָס איז געווען כמעט א נידערלאגע. פאָן־קלוק'ס ארמעע געהענדיג אין דער ריכטונג צו מערב, האָט זיך שוין גע־האַט אראָפּגעבויגען צו דרום כדי ארומצונעהמען פאריז ווי מיט צוואנגען... ער איז שוין געווען צוגעקומען צו פּראַוואנס, 20 קילאָמעטער אין דרום מערב פון פאריז. דער פאריזער עולם האָט זיינע אויערן ניט געגלויבט. דאָ מוז שטעקען א טייוועלשער דייטשער פּלאן. ניט אנדערש, דאָס דער דייטשער גענעראל־שטאב האָט אויסגעקלערט א נייעם טריק, ווי די פראנצויזישע ארמעע אריינצונארען. פריהער וועט ער מאכען א תל פון דער ארמעע און דאן וועט זי געהן אויף פאריז.

פּאריז דעקט אויף זיין סוד.

פאריז איז געווען א רעטעניש, און דער דייטשער גענעראל־שטאב האָט זיך געבראָכען זיין קאָפּ איהם צו טרעפען. און געשעהן איז אָט וואָס: דעם 6טען סעפּטעמבער האָט פאריז ארויסגעוואָרפען פון זיך א ריעזיגע ארמעע, וואָס האָט זיך א וואָרף געטהאָן אין פלאנק פון גענעראל קלוק'ס ארמעע און גענומען איהר ארומגעהן לויט אלע כללים פון דער דייטשער טאקטיק. די פרישע ארמעע האָט זיך געריסען אין פייער. פאן קלוק האָט זיך מאמענטאן ארי־בערגעכאפּט צוריק איבער'ן טייך מארנע.

ביז'ן 6טען סעפּטעמבער האָבען ביידע ארמעען — די דייטשע און די פראנצויזישע פאָרגעשטעלט מיט זיך צוויי האלבע לבנות, וואָס האָבען זיך געעפענט צו פראנקרייך. די אויסערע האלבע לבנה — די דייטשע ארמעע — איז מיט איין שפּיץ — מיט'ן רעכטען פליגעל — אריבערבויגענדיג זיך איבער'ן פראנצויזישען לינקען פליגעל, געווען געווענדעט צו פאריז. פון 6טען סעפּטעמבער אָן נעהמט די לאגע זיך ענדערען.

די ביידע האלבע לבנות קעהרען זיך אום מיט זייערע עפענונגען צום פראנצויזישען גרענעץ און דער לינקער פראנצויזישער פליגעל נעהמט זיך אריבערבויגען איבער'ן רעכטען דייטשען — איבער פאן־קלוקס ארמעע. דאָס איז געווען די צווייטע ניעדערלאגע פון דייטשען גענעראל־שטאב.

דער דייטשער מארש נאָך פאריז איז געווען איינער פון די ריזיקאלישסטע אין דער גע־שיכטע פון מלחמות. א בליצשנעלער מארש, א האסטיגע אטאקע קען זיך נור איינגעבען, ווען מען האָט צוטהאָן מיט א פיעל שוואכערען שונא. פערכאפּענדיג דעם שונא'ס ארמעע אין פעריאָדע פון מאָביליזאציע קאָן א פּלוצלינגער קלאפּ אין גאנצען ניט לאָזען איהר קומען צו זיך. זי קריגט ניט די מעגליכקייט פאנאנדער צו וויקלען איהרע קרעפטען. דאָס איז די מעלה פון אזא טאקטיק. זי האָט אָבער אויך איהרע חסרונות. זי שטרענגט משונה'דיג אָן די אָנגרייפענדע ארמעע, און ווען דער שונא איז ניט דערשלאָגען און קאָן נאָך אָנזאמלען, מאָביליזירען נייע קרעפטען, קען דער שווערד פון בליץ־שנעלער אטאקע זיך אומקעהרען מיט זיין שארף געגען דעם אָנגרייפער.

אזוי איז געווען מיט דער בולגארישער ארמעע אין דער לעצטער מלחמה אויף די באלקאנען. אין א פּאָאר טעג צייט האָט זי צו־בראָכען די טערקישע ארמעע ביי קירקיליסע, און ווי עס איז געקומען צו טשאטאלדזשי, איז זי געבליבען אָהן כוחות, די ארמעע האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

דעמזעלבען טעות האָבען געמאכט די דייטשען. די פראנצויזישע ארמעע איז ניט אבי וואָס פאר אַן ארמעע — מיט איהרע סאָלדאטען, מיט איהרע אָפיציערען, מיט איהר אָרגאניזאציע, מיט איהרע פערבינדעטע איז זי א מעכטיגע ארמעע. די דייטשע ארמעע אָבער האָט אין איהר גאלאָפּירענדען מארש אויסגעשעפּט איהרע כוחות ביז גאָר — אין 15 טעג האָט פאָן־קלוק'ס ארמעע געמאכט 200 קילאָמעטער. זיינע סאָלדאטען, ווען זיי פלעגען גענומען ווערען אין פּלען און געבראכט ווערען אין די קאזארמעס, פלעגען תיכף פאלען שלאָפען און פלעגען אָבשלאָפען א פּאָאר מעת לעת כסדר. יאָ, געוויס, דער מארש איז געווען א טריאומף־מארש, גאנץ אייראָפּא האָט געקוקט און געשטוינט. די ארמעע איז ווי געטראָגען געוואָרען פון אַן איבערנאטירליכער קראפט. איהר גענעראל־שטאב האָט געארבייט ווי דער פּינקטליכסטער זייגער־געווערק. דעם 20טען אויגוסט האָט ער די פּרוזשינקע אָנגעצויגען און דעם 5טען סעפּטעמבער האָט די ארמעע זיך שוין בעוועגט אין דער געגענד ארום פאריז. פּלוצלינג איז דער מעכאניזם שטעהן געבליבען ביי מארנע. אנשטאט וואָס פריהער האָט די דייטשע ארמעע דיקטירט דער פראנצויזישער אויפצונעהמען שלאכטען דאָרט, וואו פאר איהר, דער דייטשער ארמעע, איז בעסער, האָט איצט גענעראל זשאָפר אָבגעגעבען א בעפעהל דעם דייטשען גענעראל־שטאב — אָדער שיק דיין ארמעע אויף פאריז און ריכט זיך אויף אַן אטאקע פון הינטען, אָדער נעהם אויף די שלאכט דאָ ביי מארנע, דאָ, וואו פאר מיר איז האנטיגער צו געבען דעם קלאפּ. און דער דייטשער גענעראל־שטאב האָט געמוזט פאָל־

גען און האָט אויפגענומען די שלאַכט ביי דער מארנע.

די זיגערייכע אַרמעע פון פאָן־קלוק, וועלכע האָט זיך געטראָגן ווי א שטורם־ווינד, וועלכע איז אייערנעכטען געווען אין קאָמפּיען, און נעכטען אין מאָ און היינט איז זי שוין אין פּראוואנס, ביי די טויערן פון פּאַריז, האָט קיין כוח ניט געהאַט אריבערצושפּרייזען די סענא.

די דייטשע אוויאַטאָרס, וועלכע האָבען געשראָקען די פריעדליכע איינוואוינער פון פּאַריז מיט באָמבעס, האָבען ניט בעמערקט, אז אין פּאַריז לויערט אן אונגעהויערע אַרמעע. די אַרמעע האָט זיך דעם 6טען סעפּטעמבער א וואָרף געטהאָן אין פלאַנק פון דער דייטשער אַרמעע. פאָן־קלוק האָט זיך א כאַפּ געטהאָן צוריק, איז אַריבער די מארנע און האָט אויפגענומען די שלאַכט, זי האָט זיך תיכף איבערגעגעבען איבערן גאַנצען פראָנט פון ביידע אַרמעען. 1½ מיליאָן מענשען האָבען אַנטייל גענומען אין דיזער היסטאָרישער שלאַכט. דער דייטשער גענעראַל־שטאַב האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אויף די דייטשע טאַקטיק און האָט געזוכט דורכצוברעכען דעם צענטער פון דער פראנצויזישער אַרמעע, כדי צו צוטיילען איהרע ביידע פליגלען. די אַטאַקען אויפ'ן צענטער איז שוין פאַר זיך גופא געווען א שלעכטער סימן פאַר דער דייטשער אַרמעע. דער פראנצויזישער צענטער האָט זיך געהאַלטען פעסט. גלייכצייטיג האָט די פּאַריזער אַרמעע געהאַלטען אין איין אַרומגעהן דעם דייטשען רעכטען פליגעל, פּרעסענדיג אויף פאָן־קלוקען. סוף כל סוף האָט די דייטשע אַרמעע ניט אויסגעהאַלטען און גענומען געשווינד אָבטרעטען, איבערלאָזענדיג אויפ'ן וועג אַרטילעריע, פוהרען מיט פּראוויאַנט און אָהן א שיער געפאַנגענע.

אזוי האָט זיך געענדיגט די שלאַכט ביי דער מארנע, די גרעסטע שלאַכט אין דער געשיכטע פון אַלע צייטען...

מיט וואָס עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען די יעצטיגע מלחמה — און איך גלויב, ווי די מלחמה זאָל זיך ניט פערוויקלען, זיגען וועלען דאָך די פערבינדעטע — די ווירקונג פון דעם שלאַכט ביי דער מארנע וועט זיך לאָזען פיהלען אין פּאָליטישען לעבען פון פראנקרייך — זי וועט זיך אָברופען אויף דער פראנצויזיש־רוסישער חבר'שאַפט. ווען מען פלעגט פאַר דער מלחמה ריידען מיט א פראנצויז, פלעגט אויסקומען, אקוראט ווי א פראנצויזישע אַרמעע איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, דאָ איז נור א מעכטיגע פיעל־מיליאָנדיגע, אונבעזיעגבארע רוסישע אַרמעע. און ווען די דייטשען האָבען פערפלייצט בעלגיען, האָט מען זיך געטרייסט: וואַרט נור אָב, רוסלאַנד וועט ווייזען—און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו פּאַריז, האָט מען געטענה'ט: זיי מעגען אפילו נעהמען פּאַריז, רוסלאַנד, וועט באַלד אָבציהען די גאַנצע דייטשע אַרמעע צו זיך. א קליינינגקייט, רוסלאַנד'ס רעזערווען, אן אָקעאַן מיט באַיאָנעטען, זיי וועלען פערפלייצען דייטשלאַנד. אפילו די „הומאַניטע“ האָט געהאַט דעמזעלבען טרייסט. און ווען איך פלעג אין געשפּרעך מיט פראנצויזען אוועקמאַכען מיט דער האַנד די רוסישע מאַכט און די רוסישע שטיצע און ארגומענטירען, אז פראנקרייך'ס אונאָבהענגיגקייט קען געשיצט ווערען דורך א בונד מיט'ן ליבעראַלען ענגלאַנד, פלעגט מען קוועטשען מיט די פּלייצעס.

די שלאַכט ביי מארנע האָט געוויזען, אז די פראנצויזישע רעפּובליק קען בעשטעהן איהר שטעדטעל פאַר זיך, און געשעהעניסען אין איסט פּרייסען האָבען א סוף געמאַכט צו דעם וואָהנזיניגען גלויבען אין רוסלאַנד'ס גבורה.

די געשעהעניסען אין איסט פּרייסען.

23 קאָרפּוסען האָט דייטשלאַנד געשיקט צום מערב־גרענעץ — 3 בלויז צום מזרח־גרענעץ, און דאָך האָט דער גענעראַל הינדענבערג ביי אַלענבערג מיט א פערהעלטניסמעסיג קליינער אַרמעע (60 טויזענד) בעזיעגט א דריי מאָל גרעסערע רוסישע אַרמעע און נאָך פערכאַפּט 90 טויזענד אין פלען און באַלד ביי ליק האָט ער צושמעטערט די אַרמעע פון דעם העלד פון די שטראָף־עקספּעדיציע, דעם זיעגער איבער די אונבעוואָפנעטע כינעזער — די אַרמעע פון גענעראַל רענענקאַמפּף, וועלכע איז בעשטאַנען פון 4 קאָרפּוסען, 2 רעזערוו־דיוויזיעס. און דאָס איז ניט קיין וואונדער: דאָ האָבען די דייטשען געגען זיך א געגנער, וואָס קען ניט מאַנעווירען. די רוסישע סאָלדאַטען קענען זיך מוטהיג שלאָגען, — שטעכען, שיסען, האַקען — זיי זיינען לייבען, אָבער לייבען וואָס ווערען געפיהרט פון עזלע.

אגב מוזען מיר זאָגען האָבען די איצטיגע שלאַכטען אין איסט־פּרייסען און אין די פּוילישע גרענעץ־גובערניעס קיין גרויסע בעדייטונג ניט פאַר דעם אויסגאַנג פון דער וועלט־מלחמה. דער אויסגאַנג פון דער וועלט־מלחמה וועט אָבהענגען פון די שלאַכטען, וואו מיליאָנען מענשען נעהמען אַנטייל. דאָ קומען זיך צונויף בלויז 200־300 טויזענד סאָלדאַטען מיט וואָסערע עטליכע הונדערט קאַנאָנען, וואָס האָבען אמאָל געקענט שפּיעלען א ראָלע, אָבער ניט איצט. אפילו 90 טויזענד פערכאַפּטע אין א בלאָטע און געפאַנגענע האָבען איצט קיין בעטרעף ניט.

דאָס זיינען בלויז אַוואַנגאַרד־געשלעכטען, ווי וועט זיין, אז רוסלאַנד וועט טאַקע צונויפקלייבען איהרע מיליאָנען? וועט דייטשלאַנד דאַן, געדריקט פון צוויי זייטען, מוזען איבערגעהן פון אַטאַקע אויף פערטיידיגונג? דאַן וועט קומען א נייע ווענדונג אין דער איצטיגער וועלט־מלחמה.

דוד איינהאָרן

אויף די חורבות פון מקדש

(פון די אַלטע אידישע לעגענדען)

אין שעה, ווען ס'איז חרוב
געוואָרען דער מקדש,
ביים שיין פון די שטערען,
צווישען די חורבות
צוויי האָבען געבלאָנזעט,
בעטריבט און פער'דאגה'עט:
דער האר פון דער וועלט כביכול,
און ווייטער אַ ביסעל
איז, איינזאם געבויגען,
געגאנגען דער הייליגער
פאטער אברהם.
אין קדשי קדשים
גערוהט האָט אַנ'אמה:
געוועזן אין דאָרט פינסטער,
און טויזענדער זעעלען
פון אַלע גע'הרג'טע
אידישע העלדען,
ווי טויבען אין שלאק
זיינען דאָרטען געפלויגען,
געקלאפּט מיט די פליגלען,
געוויינט און געיאָמערט,
דעם חורבן בעקלאגט
און פאר גאָט זיך געבעטען.
און שטיל ביי דעם שוועל
פונ'ם קדשי קדשים
בעגעגענט האָט גאָט
אונזער פאטער אברהם.
— וואָס טוט איצט מיין זוהן
אין מיין הויז, אין מיין וויסטער?
האָט גאָט כביכל געפרעגט
אונזער פאָטער.
— דער צער פון די קינדער
האָט מיך דאָ פערטראָגען.
— אומזיסט, מיין געליעבטער,
זיי האָבען געזינדיגט
און זיינען פארטריבען,
האָט גאָט איהם געענטפערט.
— אָ, פאטער אין הימעל,
און אפשר, נישט ווילענדיג,
האָבען די קינדער
געבראָכען דיין תורה?
— זיי האָבען געוואוסט
און זיי האָבען געזינדיגט,
אָ, זוהן מיין געליעבטער,
האָט גאָט איהם געענטפערט.
— און אפשר געזינדיגט
פון זיי האָט דער מיעוט,
א, פאָטער געטרייער?
— ניין, זוהן מיין געליעבטער,
געוועזן איז די מערהייט.
— א, פאָטער אין הימעל,
ווען דו וואָלסט אַביסעל
געווארט, וואָלט נאָך אפשר
די תשובה געקומען.
— ניין, זוהן מיין געטרייער,
זיי האָבען געפרעהט זיך
פון יעטווידער שלעכטס
און פון יעדער עברה.
און ווי נאָר אברהם
האָט גאָטס תשובה פערנומען,
גלייך האָט ער געכאַפּט
מיט די הענד פאר'ן קאָפּ זיך,
און האָט זיך צויאמערט
פאַר גאָט און געזאָגט איהם:
— א, פאָטער אין הימעל,
איז אפשר, חלילה,
קיין תשובה נישטאָ שוין?
— נישט דאגה, מיין זוהן, מיין געליעבטער,
איז פלוצלינג
אַ בת קול אַרויס פונ'ם קדשי קדשים,
דו ביסט מיר געגליכען,
מיין זוהן, צו אַן איילבערט.
„דער בליהענדער איילבערט“
האָב איך דיר גערופען.
זיין סוף — איז דיין ענדע.
דער סוף פון זיין בליהען
איז זאפטיגע זתים;
דער סוף פון דיין ליידען
וועט בריינגען די גאולה.

ל. דייטש

דר. יוסף אַפּטעקמאַן

(פון דער סעריע „אידען אין דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער בעוועגונג“)

די רעפאָרמען פון אלעקסאנדער דעם צווייטען האָבען, ווי בעקאנט, עטוואָס לייכטער געמאכט די שווערע לאגע פון די רוסישע אידען, און דאָס ווידער האָט געווירקט, אז פיעלע אידען אין די גרעסערע פּראָווינץ־שטעדט זאָלען זיך אָבזאָגען פון זייער אַמאָליגער אָבגעשלאָסענקייט און זיך ארויסרייסען פון די ד׳ אמות פון פארצייטיגער פרומקייט. אַפּטעקמאַן האָט געהאט דאָס גליק אויסצוואוואקסען אין א אויפגעקלערטער אידישער פאמיליע.

זיין זיידע פון טאַטענס צד האָט גע׳שם׳ט פאר א צדיק — ניט נור דערפאר, וואָס ער האָט שטרענג אָבגעהיט די תרי״ג מצוות, נור פאר זיין כשר׳ן און הייליגען לעבען. זיינע צוויי זיהן האָט ער געגעבען א גלענצענדע אידישע בילדונג, ער האָט זיי געשיקט אין דער ישיבה, אָבער ווי עס פלעגט אָפט טרעפען מיט ישיבה־בחורים, האָבען זיי דורך א צופאל זיך בעקענט מיט רוסישע ביכער און זייט דאמאָלט זיינען זיי אין געהיים געוואָרען־אנהענגער פון רוסישער בילדונג. די ביידע ברידער — בעזונדערס אַפּטעקמאַן׳ס פאָטער — פלעגען פון פריה ביז שפּעט האלטען אין איין לייענען „טריף־פּסל׳עס.“

„נור איהם אליין — דערצעהלט אַפּטעקמאַן וועגען זיין פאָטער אין די אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצען, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט — האָבען מיר, זיינע זיהן און טעכטער, צו פערדאַנקען, וואָס א רוסיש בוך האָט זיך שטענדיג געפונען ביי אונז אין הויז, ער האָט פון קינדווייז אָן אין אונז איינגעפלאנצט א חשק צו לעזען.“

זיין פרומקייט איז געווען דורכגעדרונגען מיט טאָלעראַנץ און אויך די קינדער האָט ער געלערענט, אז אמונה איז ליעבע צו אלעמען, אָהן אונטערשיעד פון נאציאָנאַליטעט.

„ער האָט זיך גערופען א תלמיד פון רבי הלל. ער האָט אונז פערוועהרט צו געברויכען די ווערטער „גוי“ און „פגר“, „ווייל אַלע מענשען שטאַמען פון אדם הראשון“ און זיינען גאָטס קינדער. ווען מיר זיינען נאָך קליין געווען, האָט ער אכטונג געגעבען מיר זאָלען אָבהיטען אידישקייט, דאוונען, אָבער אז מיר זיינען עלטער געוואָרען, האָט ער אונז געלאָזען די פולע פרייהייט: יא דאוונען, ניט דאוונען — דאָס האָט זיך שוין געווענדט אָן אונז אליין. דאָך ביז 12 יאָהר בין איך געגאנגען אין חדר און געלערנט גמרא.“

אַפּטעקמאַן איז געבאָרען געוואָרען אין 1850 אין שטאָדט פּאַוולאָגראַד, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. אז ער איז אונטערגעוואַקסען האָט דער פאָטער איהם אריינגעגעבען אין יעקאַטערינאָסלאַווער גימנאַזיע, וואו ער האָט זיך געלערנט אויסגעצייכענט — ער איז געווען א פעהיגער אינגעל, ענטוויקעלט ניט נאָך די יאָהרען. „אין גימנאַזיע — דערצעהלט ער אין זיינע נאָטיצען — בין איך שוין געוואָרען א פייעריגער אטעאיסט און איך פלעג זוכען אלע מיינע חברים צו בעקעהרען צום אטעאיזם. אז גאָט איז ניטאָ — בין איך בעזונדערס איבערצייגט געוואָרען זינט איך האָב דורכגעלעזען באקל׳ס בוך „די געשיכטע פון דער ציוויליזאציאָן אין ענגלאנד.“

פון אידישקייט האָט ער ניט געהאלטען, אָבער פאר אידען איז ער געווען שטאָהל און אייזען. ער איז פון קינדווייז אָן געווען שרעקליך־עמפּפינדליך צו דער קלענסטער בעליידיגונג, וואָס מען פלעגט אָנטהאָן א אידען. ער איז אימער בערייט געווען צו פּראָטעסטירען.

„איך האָב געטרוימט צו ווערען א בר־כבא, וואָס האָט זיין לעבען אוועקגעגעבען פאר זיין פאָלק אין קאמפּף מיט די רוימער. אליין פלעג איך טאַקע אָבשפּעטען פון אידישען פאנאַטיזם און אנדערע אונסימפּאטישע אידישע שטריכען, אָבער קריסטען האָבען דאָס ניט געטאָרט טהאָן אין מיין געגענוואַרט“

דאָס איז געווען אין די 60 יאָהרען, ווען אונטער דער ווירקונג פון דער קרימער מפּלה און אונטער דעם איינפלוס פון די מערב־איירָאָפּעאישע אידען האָט אין רוסלאנד זיך אָנגעפאנגען א מעכטיגע אויפקלעהרונגס־בעוועגונג. דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי, פּיסארעוו זיינען געווען די וועג־ווייזער פון דער יוגענד און דער פאָרטגעשריטענער געזעלשאַפט.

נאָך איידער יוסף איז אָנגעקומען אין גימ־
נאַזיע, איז ער בעקאַנט געווען מיט די רוסישע קלאַסיקער — פּושקין, גריבאָיעדאָוו, גאָגאָל. ער האָט אַריינגעזויגען אין זיך די הומאַניסטישע אידעען, מיט וועלכע די רוסישע ליטעראַטור איז דורכגעדרונגען. דערפאַר האָבען די אויבען אויסגערעכענטע פּובליציסטען אויף איהם בעזונ־דערס שטאַרק געווירקט, און ער פון זיין זייט איז שוין געווען דער טאָן־געבער ביי זיינע חברים.

„איך האָב זיך ענטוויקעלט אונטער דיזעל־בע איינפלוסען, ווי די גאַנצע רוסישע יוגענד. דערצו איז נאָך צוגעקומען די אונטערדריקונג פון מיין אייגענער נאַציאָן, און דאָס אַלעס צו־זאַמען האָט בעשאַפען פון מיר א רעוואָלוציאָ־נער."

אז יוסף האָט געהאַלטען ביים ענדיגען די גימנאַזיע, איז זיין עלטערן־הויז אין גאַנצען גלייכגילטיג געוואָרען צו רעליגיאָן. „מען האָט אונז געקענט אָננעהמען פאַר א פאַמיליע פון „גלויבענסלאָזע". מיט די קריסטען־שכנים האָבען מיר געלעבט אין די בעסטע בעציהונגען. די דיענערשאַפט האָט זיך געהאַלטען ביי אונז יאָהרען און האָט אונז זעהר געליעבט — צווי־שען זיי האָב איך געהאַט מיינע בעסטע פריינד".

אָבער נאָך אין זיין פריהער קינדהייט האָט געטראָפען אין זיין פאַמיליע א טרויעריגער פאַל, וואָס האָט געלאָזען אַן אייביגען סליאַד אויף יוסף'ס כאַראַקטער. נאָך איצט אויף דער עלטער קען ער ניט רעדען אָהן שוידער וועגען דעם.

„ווען איך בין אַלט געווען 8 יאָהר, איז גע־שעהן א גרויסער אומגליק: אַן אָפיציער איז בעגאַנגען א געוואַלט־טהאַט געגען מיין פאַ־טער. צום גליק, איז איהם די געוואַלט־טהאַט ניט געלונגען דורכצופיהרען ביז'ן סוף, אָבער מיין פאַטער איז גראָהע געוואָרען פאַר איין נאַכט. איך בין דערביי געווען. זייט דעמאָלט איז מיר יעדע געוואַלט פערהאַסט. שפּעטער האָב איך ערשט גוט בעגריפען, וואָס דאַמאָלס האָט פּאַסירט. דוכט זיך מיר, אז קיין אַנדער זאַך האָט אַזוי ניט געווירקט אויף מיר, ווי יענע פּאַסירונג."

* * *

נאַכדעם, ווי ער האָט געענדיגט די גימ־נאַזיע, איז ער אַוועק אין פּעטערבורג און אָנגע־קומען אין דער מעדיקאָ־כירורגישער אקאַדע־מיע. און ווידער זעהען מיר, אז, אַזוי ווי אין גימנאַזיע, צוזאַמען מיט די ספּעציעלע שוהל־אַרבייטען, הערט ער ניט אויף צו אינטערעסי־רען זיך מיט דעם פּאָרטשריט פון רוסישען גע־זעלשאַפטליכען געדאַנק און אַזוי אַרום קומט ער ביסלעכווייז צום סאָציאַליזם, וואָס האָט דאַ־מאָלס זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען צווי־שען דער יוגענד.

„איך קען ניט אָנרופען א פּערזאָן, וועלכע זאָל האָבען אויף מיר געווירקט אום צו בעפעס־טיגען מיך אין דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. איך האָב זיך ענטוויקעלט זעלבסט־שטענדיג, איך בין אימער געניייגט געווען צו קריטיק, איך פלעג קיין זאַך ניט אָננעהמען אין גלויבען."

און דער ערנסטער, פּערטראַכטער סטו־דענט, זייענדיג שוין אויפ'ן לעצטען קורס, פער־לאָזט די אקאַדעמיע און לאָזט זיך אַוועק צו די מאַסען פּרעדיגען דאָס נייע עוואַנגעליום.

יאָ, אַלס עוואַנגעליום האָט ער פערשטאַ־נען די נייע לעהרע, אלס א בשורה טובה, וואָס דאַרף גליקליך מאַכען און בעפרייען די אונטער־דריקטע מענשהייט. דאָס דערוויסען מיר זיך פון די „ערינערונגען", וואָס אפּטעקמאַן האָט פער־עפענטליכט. און זיין אויסזעהן איז געווען ווי פון אַן אַפּאָסטאָל: איבערפילט מיט ליידענ־שאַפטליכער בעגייסטערונג, ווי בערופען צו מאַרטירערטום, א מאָגערער, קליינער איד, מיט א קליינעם געזיכט, מיט א גרויסען, רונדען שטערן, מיט טיעפע, פערטראַכטע אויגען, פלעגט יוסף וואַנדערן מיט א עוואַנגעליום אין האַנד, וועלכען ער האָט געוואוסט אויף אויסווייניג, און פלעגט מאַכען אויף זיינע צוהערער, די רוסישע פּויערים, א פיעל שטאַרקערען איינדרוק, ווי זיינע רוסישע חברים־פּראָפּאַגאַנדיסטען.

דאָך באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז פּרעדיגען דירעקט דעם סאָציאַליזם דעם רוסי־שען פּויער איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט. אַפילו דער עוואַנגעליום קען דאָ ניט העלפען. עס וואָלט געדאַרפט נעהמען צעהנדליגער יאָה־רען צו מאַכען פון דעם דערשלאָגענעם פּויער א בעוואוסטזיניגען סאָציאַליסט און די רעגיערונג האָט אויך ניט געשלאָפען—זי האָט אַרעסטירט לינקס און רעכטס און פול געמאַכט די טורמעס און די פעסטונגען.

און וואונדערליך, כאָטש אַפּטעקמאַן מיט זיין אויסזעהן האָט געמוזט ציהען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, איז איהם א צייט לאַנג גע־לונגען אויסצוהיטען זיך פון אַן אַרעסט, און איהם איז בעשערט געווען דורכצומאַכען אויף דער פריי די פערשיעדענע שטופען פון דער רו־סישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

* * *

דער פּעריאָד פון געהן אין פאָלק און די־רעקט פּראָפּאַגאַנדירען דעם סאָציאַליזם אויפ'ן אויבען בעשריבענעם אופן האָט זיך געענדיגט מיט די אַרעסטען פון 1875—1876. אַזאַ סאָרט פּראָפּאַגאַנדאַ האָבען מיר גערופען די „פליהע־דיגע". דאָך, די סאָציאַליסטען האָבען זיך ניט אָבגעזאָגט פון דער פּראָפּאַגאַנדאַ, זיי האָבען בלויז געענדערט איהר פאָרם.

נאָך די אַלע בעשרייבונגען איז היינט זעהר שווער צו מאַכען זיך א קלאָרען בעגריף וועגען שטימונגען פון די רעוואָלוציאָנערען פון די 70־ער יאָהרען. מיר האָבען ערנסט געגלויבט; אז דער פּויער, וואָס איז אַקאָרשט בעפרייט געוואָ־רען פון לייב־אייגענשאַפט, איז א ג ע ב אָ־

רענער סאָציאַליסט און רע־וואָלוציאָנער, וועלכער איז גרייט כאָטש שוין צו מאַכען אַן אויפשטאַנד אום צו פערווירקליכען זיינע געהיימע קאָמוניסטישע אי־דעאַלען. און ניט נור מיר, די נאַאיווע יוגענד, האָבען אַזוי געגלויבט, נור אויך אַזעלכע בעדיי־טענדע און בעריהמטע טהוער, ווי הערצען, באַ־קונין, לאַווראָוו און טקאַטשאָוו. אין רוסלאַנד דאַרף אין גיכען פאַרקומען די סאָציאַלע רעוואָ־לוציע, א סך פריהער ווי אין מערב־אייראָפּא, דער רוסישער פּויער וועט ווייזען דעם ביישפּיעל אַנדערע פעלקער.

אָט דעם, לויט דעם היינטיגען בעגריף, משונהדיגען בליק אויף רוסלאַנד האָבען די דאַ־מאָלבדיגע רעוואָלוציאָנערען טיילווייז געירשענט פון די רעאַקציאָנערע סלאַוואָפּילען — אויך זיי האָבען געהאַלטען אין איין ריהמען די רוסישע אָבגעשטאַנענע פּאַראַנדקעס, מיט וועלכע רוס־לאַנד מעג שטאָלצירען פאַר מערב־אייראָפּא — אין זיי איז די גאַראַנטיע פון רוסלאַנד'ס גלענ־צענדער צוקונפט. דאָסזעלבע האָבען גע־טענה'ט די רעוואָלוציאָנערען.

ווי בעקאַנט, זיינען נאָך צווישען די גרויס־רוסישע פּויערים פערבליבען מנהגים און גע־וואוינהייטען פון די גאָר אַלטע צייטען. אַזוי זיינען זיי מעהרסטענס געניינט צו געמיינדע־אייגענטום — דאָס לאַנד זאָל בעלאַנגען צו דער גאַנצער דאָרפס־געמיינדע, און די געמיינדע זאָל שוין פערטיילען דאָס לאַנד אין צייטווייליגען בעזיץ צו די איינצעלנע פּויערים. הייסט דאָס דאָך אַז זיי לייקענען פּריוואַט־אייגענטום. אין שטאָדט פעראייניגען זיי זיך אין „אַרטעלען" — צייטווייליגע קאָאָפּעראַטיווען, און טיילען די פערדיענסטען. דאָס הייסט שוין, אַז זיי קע־נען מיט קאָלעקטיווע כוחות טהאָן אַן ארבייט, וואָס פאָדערט די גלייכצייטיגע אנשטרענגונג פון פיעלע — זיינען זיי דאָך כמעט סאָציאַ־ליסטען. ארבייט איז ביי זיי די מאָס פון אַלע זאַכען. נור ארבייט גיט דאָס רעכט אויף בעזיץ.

אין דער אמת'ן זיינען דאָס ניט מעהר ווי איבערבלייבעכצען פון אַלטען „נאַטור־רעכט", סמנים ווי ווייט הינטערשטעליג די רוסישע פּויערים זיינען אין זייער ענטוויקלונג. אָבער די פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג האָבען אין דעם געזעהען סמנים פון איינגעבאָרענעם סאָציאַליזם און געבויט אויף ־עם וועלט־איבערקעהרענדע פּלענער.

דאָס איז נאָך ווייניג! די רוסישע פּויע־רים האָבען זינט לייבאייגענשאַפט איז איינ־געפיהרט געוואָרען כסדר געמאַכט בונטען, וואָס די רעגיערונג פלעגט דערטרינקען אין בלוט. האָבען מיר צוזאַמען מיט באַקונינען גע־טענה'ט, אַז מיר דאַרפען זיך נור א נעהם טהאָן ווי געהעריג און ארבייטען אויף א סיסטעמאַטישען אופן; וועלען מיר אנשטאַט פעראיינצעלטע בונ־טען ארויסרופען א סאָציאַלע רעוואָלוציע...

און פונקט אַזוי פערליעבט אין רוסישען פּויער זיינען געוועזען אויך מיר, דאָס ביסעלע אידען. אין אידישען קבצן האָבען מיר ניט געגלויבט — עס איז ביי אונז געוועזען אָבגעמאַכט אז ער איז ניט קיין געבאָרענער סאָציאַליסט.

די אָנהענגער פון דיעזען גלויבענס־שטאַנד־פּונקט האָבען זיך אין צפון רוסלאַנד גערופען „נאַראָדניקעס" און אין דרום רוסלאַנד „בונ־טאַרעס", אין אונטערשיעד פון די פריהעריגע „פּראָפּאַגאַנדיסטען", וועלכע האָבען געהאַלטען, אז מען מוז טראָגען אין פאָלק די לעהרע פון סאָציאַליזם. די „נאַראָדניקעס־בונטאַרעס" האָבען עס געפונען פאַר איבריג — מען דאַרף נור זוכען א מיטעל ווי אַזוי אויפצואוועקען אין פּויער דעם סאָציאַליזם, וואָס שלאָפט אין איהם. וועט איינמאָל דער סאָציאַליזם זיין אויפגעוועקט, וועט שוין קיין אָבהאַלט פאַר איהם ניט זיין. פאַר אַזאַ מיטעל האָבען זיי בעטראַכט — די רעוואָלוציאָנערען זאָלען זיך בעזעצען צווישען די פּויערים, אויף א מעהר אָדער ווייניגער לאַנגע צייט, כדי אָנצוקניפּען מיט זיי פעסטע פערבינדונגען.

די מייסטע רעוואָלוציאָנערע „בעזעצונגען" האָבען זיך געפונען אויף דער וואָלגאַ און אוראַל, געשאַפען דורך דער אָרגאַניזאַציאָן פון „זעמליאַ אי וואָליא", וואָס, ווי מיר ווייסען, איז געגרינדעט געוואָרען דורך מאַרק נאַטאַנ־סאָן*).

אַפּטעקמאַן איז איינער פון די ערשטע צוגעשטאַנען צו דעם נייעם פּלאַן.

אגב מוז איך דאָ בעמערקען, ווי איך האָב דאָס שוין איינמאָל אָנגעוויזען, אז מיט די יאָהרען האָט די צאָהל אידען־רעוואָלוציאָנערען זיך ניט פערמעהרט — פערקעהרט, צווישען די „נאַראָדניקעס" זיינען זיי געוועזען ווייניגער, ווי צווישען די „פּראָפּאַגאַנדיסטען". איך, א טייל־נעהמער פון די ביידע אָרגאַניזאַציאָנען, קאָן מיט בעשטימטהייט זאָגען, אז די צאָהל אידען, וואָס זיינען אריבער צו די „נאַראָדניקעס", איז קוים געוועזען צעהן.

און די נאַראָדניקעס, דאַרף מען ווייסען, האָבען געלייגט די גרונדשטיינער פון אַלע רו־סישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. דערפון איז צו זעהן, ווי ליגנעריש עס איז די בעהויפּטונג פון די שוואַרצע־מאה'דיגע פּאַטריאָטען, אז די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג שטאַמט פון אידען און ווערט אויפגעהאַלטען פון אידען. אָבער לאָמיר זיך אומקעהרען צו אַפּטעקמאַנ'ען.

* * *

בעזעצענדיג זיך צווישען פאָלק, פלעגען די מיטגליעדער פון „זעמליאַ אי וואָליא" אויס־קלייבען א וועלכע עס איז פּראָפעסיאָן — פלעגען פערנעהמען די פּלעצער פון דאָרפס־

*) זעה „צוקונפט" יולי, 1914.

שרייבער, לעהרער און פעלדשערס. אַפּטעקמאַן, אַלס א געוועזענער סטודענט־מעדיק, איז געוואָרען פעלדשער אין איינער פון די גובערניעס אויף דער וואָלגאַ.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז יוסף געווען א שוואַכער מאָגערער יונגערמאַן, מיט שאַרף אויסגעדריקטע אידישע שטריכען, אָבער די ווייכקייט פון זיין נשמה, די איידעלקייט פון זיין כאַראַקטער, די ליעבע, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגען אין זיין אַרבייט, האָבען אַזוי צוגעבונדען צו איהם די פויערים, אַז ער האָט פראַנק און פריי געקענט אַרויסלייגען פאַר זיי זיינע געדאַנקען, ניט מורא האָבענדיג פאַר פערראַט. פון זיין בוך „די געזעלשאַפט פון זעמליאַ אי וואָליאַ“, וואו ער גיט די געשיכטע פון דער אָרגאַניזאַציאָן און בעשרייבט זיין אייגענע טהעטיגקייט, טריט ביי טריט, איז צו זעהן, אַז עס וואָלט שווער געווען צו געפינען צווישען די קריסטען א בעסער צוגעפאַסטען פויער’שען פּראָפּאַגאַנדיסט, ווי עס איז געווען דער איד יוסף אַפּטעקמאַן.

ער האָט זיך ווי אָבגעזאָגט פון אַלע ערדישע, מאַטעריעלע זאָרג — ער האָט ניט נור אַוועקגעגעבען די אָרימע פויערים זיין צייט, זיינע פיזישע און גייסטיגע קרעפטען, נור אויך זיין נשמה. פאַר איהם איז קיין קרבן ניט געווען צו שווער, די פויערים האָבען געזעהן אין איהם א צוקינפטיגען יוסף־מאַרטירער, וועלכער איז גרייט צו נעהמען אויף זיך דעם שווידערליכסטען טויט. דער נאָמען פון וואונדערליכען „פערשאַל“ איז געווען אויף אַלעמענס ליפּען. אויף זיין רוף וואָלטען זיי געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. „אָבער דער מאָמענט איז נאָך ניט געווען געקומען.“

אַזוי זיינען אַוועק 2-3 יאָהר, וואָס דאָס איז געווען אַן אונגעוועהנליך לאַנגער טערמין, וואָרים די מעהרסטע פלעגען שוין נאָך א פּאָאר מאָנאַט, אָדער גאָר נאָך א פּאָאר וואָכען אויפוועקען געגען זיך א חשד. און אַפּטעקמאַן וואָלט זיך געהאַלטען נאָך לענגער, ווען אין פּעטערבורג זאָל ניט טרעפען א גרויס פּאָליטיש געשעהנים.

דעם 2טען אַפּריל, 1879, בעת אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געמאַכט זיין שפּאַציער אַרום דעם ווינטער־פּאַלאַץ, האָט א יונגערמאַן אין א בעאַמטען־יוניפאָרם, אויסגעשאָסען אין איהם. דער צאַר איז געבליבען אונבעשעדיגט; דער יונגערמאַן — סאָלאָוויאָוו — איז אַרעסטירט געוואָרען. אַזוי ווי מען איז דערגאַנגען, אַז סאָלאָוויאָוו איז פריהער געווען א דאָרפס־שרייבער אויף דער וואָלגאַ, האָבען זיך די זשאַנדאַרמען א לאָז געטהאָן אַהין מאַכען אַרעסטען. אַפּטעקמאַן האָט זיך געמוזט אויפהויבען פון זיין אָרט, געזעגנען זיך מיט זיינע פויערים און פאָהרען וואָס גיכער, וואָרום אַניט וואָלט ער געקענט צוגעצויגען ווערען צו דער „פערשווערונג געגען דער הייליגער פּערזאָן פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט“, וואָס די שטראָף אויף דעם איז טויט. פון שטילען דאָרף איז אַפּטעקמאַן אַריינגעפאַלען אין דער רוישענדער הויפּטשטאָדט.

דאָ ווידער, אין פּעטערבורג, האָבען זיך אָנגעהויבען מיינונגס־פערשיעדענהייטען צווישען די חברים, מיטגליעדער פון דער אָרגאַניזאַציע. די רעדאַקציע „זעמליאַ אי וואָליאַ“ האָט זיך צוטיילט — טיכאָמיראָוו, מאָראָזאָוו זיינען געווען פאַר דעם פּאַרטזיצען סאָלאָוויאָוו’ס טאַקטיק פון „רויטען טעראָר“, אַנדערע ווידער, מיט פּלעכאַנאָוו’ן בראַש, זיינען געווען פאַר דער אַלטער טאַקטיק פון פריעדליכער פּראָפּאַגאַנדאַ. די מיינונגס־פערשיעדענהייטען האָבען זיך אַלײן פערשאַרפט, צוטיילענדיג די חברים אויף צוויי לאַגערן.

אַפּטעקמאַן איז דאָ געווען אין א פערלעגענהייט. ער איז געווען א גוטמוטיגער כאַראַקטער, געליעבט און געשעצט פון ביידע צדדים. אַז דער טעראָר קען האָבען שעדליכע פאָלגען, איז געווען פאַר איהם קלאָר — האָט ער דאָך אַליין געמוזט אויפגעבען זיין טהעטיגקייט צוליעב סאָלאָוויאָוו’ס אַקט. פון דער אַנדער זייט, האָט זיך איהם ניט געוואָלט שטעלען אויף זיך, מעגליך אַז ער, אַלס איינער וואָס האָט געלעבט א צייט לאַנג ווייט פון די קאָכעדיגע שטאָדט־אינטערעסען, פערשטעהט ניט זיינע שטאָדט־חברים. קען דען זיין, אַז זיי זאָלען מאַכען אַזאַ שרעקליכען טעות, ווי די „דאָרפּישע“ שטעלען דאָס פאָר? סוף כל סוף, ווען די אָרגאַניזאַציע „זעמליאַ אי וואָליאַ“ האָט זיך נאָך וואָראָנעזשער און ליפּעצקער צוזאַמענפאָהרען אין 1879 צושפּאָלטען אויף „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ און „טשערני פּערעדעל“, איז אַפּטעקמאַן דאָך צוגעשטאַנען צו די לעצטע — די „דאָרפּישע.“

* * *

מיין בעקאַנטשאַפט מיט איהם האָט זיך אָנגעהויבען גראַד אַרום יענער צייט. אין הערבסט 1879 האָב איך זיך אומגעקעהרט פון דער שווייץ קיין פּעטערבורג, אין סאַמע ברען פון דעם שטרייט פאַר און געגען טעראָר. די געגנער פון טעראָר האָבען געשריען, אַז די טעראָריסטען ווילען אומברייגען די גאַנצע בעוועגונג, אַז זיי בעגעהען א פערראַט געגען די פאָלקס־אינטערעסען; און די — אַז די דאָרפּישע געפעלט מסתמא צו זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד און צו פיהרען שמועסען הינטער די דאָרפס־אויוועגס. ווי דער שטייגער איז, האָט מען זיך מכבד געווען איינע די אַנדערע מיט די ערגסטע צונעמענישען. א פרישער מענש, וואָס וואָלט צופעליג אָנגעקומען אויף די היציגע ויכוחים אין די פּעטערבורגער פּאַרטיי־

קוואַרטירען, וואָלט ניט אַנדערש געמיינט, אַז ער איז אַריינגעפאַלען צווישען משוגעים, אַזעלכע ווילדע קולות וואָלט ער דאָרט דערהערט. נור איך בין שוין לאַנג געוואוינט געוועזען צו דעם און איך האָב זיך דערפיהלט ווי א פיש אין וואַסער.

פון אָנפאַנג האָב איך צוליעב די געשרייען און געפילדער אזוי ניט בעמערקט דעם קליין־געוויקסיגען אידישען בחור, א יאָהר ניין און צוואַנציג־דרייסיג לויט'ן אויסזעהן, וועלכער פלעגט תמיד זיצען אין א ווינקעל און רוהיג אריינ'טענה'ן אין עמיצען. געהערט האָב איך, אַז עס איז פאַראַן א „יאָסקע" אָדער „יאָסיק". אָבער, אַז איך האָב איינמאָל זיך צוגעקוקט צו איהם, האָב איך שוין מיין בליק ניט געקענט אָברייסען.

ער איז ניט געוועזען קיין שעהנער, אָבער עס האָט זיך תיכף געוואָרפען אין די אויגען דער אינטעליגענטער אויסדרוק פון זיין געזיכט. א געוואַלדיג גרויסער, רונדער, ענטוויקעלטער שטערען, וואָס האָט פערנומען כמעט דאָס גאַנצע געזיכט, בלייך און מאָגער, בלישצענדע אויגען, א שפּיציג בערדעל — דאָס אויסזעהן פון א מענשען „ניט פון דער וועלט", פון א ענטוזיאַסטישען פּרעדיגער. אזוי האָבען געמוזט אויסזעהן די פאַרצייטיגע אידישע נביאים. און זיין קול — א טיעף־אריינדרינגענדער — האָט נאָך פערשטאַרקט דיעזען איינדרוק. כאָטש מיר זיינען גאָר פערשיעדענע כאַראַקטערע, האָבען מיר זיך תיכף בעפריינדעט.

צו זיינע מעלות האָט נאָך געהערט א בעדייטענדע גייסטיגע ענטוויקלונג. ער האָט פיעל געלעזען; א בוך איז געוועזען ביי איהם ניט א צייטפערטרייב, נור א בעדערפניס. דערפאַר, ווען מען האָט געדאַרפט קלייבען א רעדאַקציאָן פון „טשאָרני פּערעדעל", האָט מען אויסגעקליבען איהם אָלס דריטען צו פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד. אָבער ער, אין זיין ענִיוות, האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט. ער האָט נור פערשפּראָכען זיין שטענדיגע מיטאַרבייטערשאַפט.

זיין אַרטיקעל פאַר'ן ערשטען נומער „טשאָרני פּערעדעל" — „צו די אַלטע חברים" — האָט בעשטעטיגט אונזער מיינונג, אַז אין אָפּטעקמאַן שטעקט א טאַלענטפולער שריפטשטעלער. שוין די מאָטאָ איז כאַראַקטעריסטיש — „פּלאַטאָן איז מיין פריינד, אָבער דער אמת איז העכער פון פריינדשאַפט". דער אַרטיקעל האָט געצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט מיט זיין רייכען היסטאָרישען אינהאַלט און מיט זיין האַרציגען, וואַרימען טאָן. דער אַרטיקעל האָט געגוי אָבגעשפּיעגעלט זיין פּערזאָן: דער גייסט פון אַן אַפּאָסטאָל, דורכגעדרונגען מיט איינזעהעניש און ליעבע — ליעבע אפילו צום „שונא". נאָך יעצט — אַלע, וואָס רעדען וועגען יענער צייט, מוזען דערמאָהנען דעם אַרטיקעל, קאָמענטירען און אַרומריידען איהם. צום בעדויערן איז דער אַרטיקעל געוועזען זיין ערשטער און לעצטער אין „טשאָרני פּערעדעל".

* * *

ניט לאַנג האָבען מיר פערבראַכט צוזאַמען אין פּעטערבורג. אין 1879 האָב איך געמוזט אוועק קיין דרום־רוסלאַנד. ווי בעקאַנט, איז דאַמאָלסט געוועזען די לעבעדיגסטע און צוגלייך די שרעקליכסטע צייט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

נאָך דעם ווי „זעמליאַ אי וואָליאַ" איז צושפּאָלטען געוואָרען, האָט די נייע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע, „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", מיט איהר געהיימניספולען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אָנגעפאַנגען א געיעג אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. עס זיינען געמאַכט געוואָרען א רייהע אונטערגראָבונגען אונטער דער אייזענבאַהן, וואָס פיהרט פון פּעטערבורג קיין ליוואַדיע, און דעם 19טען נאָוועמבער איז אונטער מאָסקווע אויפגעריסען געוואָרען א צוג, אָבער אָהן ערפאָלג. דער צושראָקענער אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט בעפוילען אויסצוראָטען די „קראַמאָלע" אָהן רחמנות. תליות זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען אין פיעלע שטעדט. פיעלע אונשולדיגע זיינען אַריינגעפאַלען, און די, וואָס זיינען פון פריהער קאָמפּראָמעטירט געוועזען, האָבען זיך געמעגט ריכטען אויף א פאַרטיגען טויט.

אין אַזאַ לאַגע בין געוועזען איך און מיינע צוויי חברים — ווערא זאַסוליטש און סטעפּאַנאָוויטש. — כאָטש מיר זיינען צוגעשטאַנען צו די „דאָרפישע", דאָך האָבען מיר אויף זיך געהאַט געגוג עבירה'לעך, פאַר וועלכע די רעגיערונג וואָלט מיט פערגניגען אָנגעמאָסטען אויף אונז איהרע „האַלז־טיכלעך". נור מיר האָבען וועגען דעם זיך ניט אָנגעהויבען צו קימערן. לינקס און רעכטס האָט מען געכאַפּט מענשען פון די גאַסען, און מיר האָבען אונטער פאַלשע נעמען זיך אַרומגעטראָגען איבער אַלע עקען רוסלאַנד, ריזיקירענדיג יעדע מינוט.

וואָלט איהר געדאַרפט זעהן, ווי יוסף איז צוגעשטאַנען צו אונז, ווען מיר האָבען אין יאַנואַר 1880 ווידער זיך איינגעפונען אין פּעטערבורג: „פאָהרט פון דאַנען! פאָהרט אויף א קליינע ווילע קיין אויסלאַנד, איהר ווערט דאָך אומקומען אומזיסט און אומנישט!" און מיר, וועלכע זיינען ניט לאַנג צוריק געקומען פון אויסלאַנד, האָבען פון דעם ניט געוואָלט הערען. דאָס וואָלט דאָך געהייסען אַנטלויפען פון שלאַכט־פעלד. אָבער אונזער שוץ־ענגעל, יוסף, איז ניט אָבגעטראָטען: „א גרויסער פערגניגען צו וואַרפען מיט די פּיסלאָך הענגענדיג אויפ'ן שטריקעל! און בפרט פאַר א זאַך, אין וועלכער איהר זייט גאָט די נשמה שולדיג. איינס צוויי און מען ווערט אייך פער'משפּט'ען אַלס

קייזער־מערדער!״ און נאָך איהם האָט אַ גאַנ־צער כאָהר פון חברים געגומען ציהען: „פּאָהרט, פּאָהר, טהייערינקע״.

און ווי מיר האָבען זיך ניט געשאָלטען און זיך גע׳כעס׳ט אויף „יאָסקען״, האָבען מיר ענדליך געמוזט פּאָלגען, און איצט, נאָך 35 יאָהר, מוז איך מודה זיין, אַז מיין לעבען און פרייהייט האָב איך צו פערדאַנקען יוסף׳ן, וואָרים באַלד ווי מיר זיינען אַבגעפּאָהרען, זיינען די מעהרסטע מיטגליעדער פון „טשאַרני פּערעדעל״ אַרעסטירט געוואָרען, צוזאַמען מיט זיי אויך דער „נביא יוסף״, און איינגעשפּאַרט אין דער פעסטונג פּעטראָפּאַוולאָווסק.

אויף דעם שוואַכינקען, יעבעדיגען פּרעדיגער, וועלכער איז געוועהנט געוועזן צו זיין אין שטענדיגען פערקעהר מיט מענשען, האָט די איינזאַמקייט אין פינסטערען קאַזעמאַט געווירקט שרעקליך — זיינע נערוועז זיינען אַזוי צושרויפט געוואָרען, אַז ער איז געוועזן נאָהענט צו משוגעת. אין די קלאָרע מאָמענטען פּלעגט ער זוכען מיטלען ווי צו מאַכען אַ סוף פון זיין לעבען.

אָבער דאָס שיקזאַל איז אויך דאָס מאָל געוועזן צו איהם גנעדיג — נאָך 20 מאָנאַט זיצען איז ער מיט די איבריגע מיטגליעדער פון „טשאַרני פּערעדעל״ אדמיניסטראַטיוו פערשיקט געוואָרען אין יאַקוטער אָבלאַסט.

און דאָרט — אין יענעם אימה׳דיגען פּלאַץ, וואו 9 מאָנאַטען בושעוועט דער ווינטער און 6 מאָנאַטען איז חשך, האָט יוסף אָבגעלעבט — ער האָט געהאַט אַרום זיך מענשען — זיין אַלטען חבר, דעם גרינדער פון „זעמליא אי וואָליא״ — מארק נאַטאַנסאָן — און וואָלאָדימיר קאָראָלענקאָ, וועלכער האָט שוין דאַן אָנגעהויבען שאַפען די ווערק, וואָס האָבען איהם איבעראַל בעריהמט געמאַכט. זיין לעבען אין סיביר האָט אַפּטעקמאַן ניט לאַנג בעשריעבען אין אַן אַרטיקעל. אין די נאָטיצען, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט, לעז איך פּאָלגענדע שורות:

וועגען געפענגנים און פערשיקונג איז איבריג צו רעדען; איך וועל נור זאָגען, אַז פון יאַקוטסק האָב איך זיך צוריקגעקעהרט אַן אָבגעפרישטער — פיזיש און מאָראַליש. איך גלויב אַז אָהן דאָס געפענגנים און אָהן די פערשיקונג וואָלט איך שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען, איך וואָלט ערגיץ פערפוילט געוואָרען ווי אַן אַלטע פּאַדעשווע.

* * *

אין דעם פּעריאָד פון דער פינסטערער רעאַקציע, אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך דער ערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, האָט זיך אַפּטעקמאַן צוריקגעקעהרט פון סיביר. אין רוסלאַנד האָט דאַמאָלס געהערשט די שטילקייט פון אַ בית־עולם. די רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען האָט זיין יורש צונישט געמאַכט. אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געגאַנגען אויף די וועגען פון זיין זיידען, ניקאָלאַי דעם 1טען.

אַפּטעקמאַן, נאָך די אַלע צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, האָט אפילו ניט געטראַכט וועגען אָברוה. ער פאָהרט צו זיינע עלטערען, וועמעס שמחה ביים וויעדערזעהן זיך מיט זייער זוהן איז גאָר ניט צו בעשרייבען. אָבער אַ קורצע צייט פערברענגט ער מיט זיי, פאָהרט אַוועק קיין אויסלאַנד, קיין וויען, צו פערענדיגען זיין שטודיום און דאַן, אַלס געענדיגטער דאָקטאָר, קעהרט ער זיך אום צוריק קיין רוסלאַנד, וואו פערנעהמענדיג שוין אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע פּאָזיציאָן, טרעט ער צו צוזאַמען מיט נאַטאַנזאָנ׳ען צו דער אויפבויאונג פון אַ נייער פּאַרטיי — „די פּאַרטיי פון פּאָלקס־רעכט״. דער צוועק איז צו דערשלאָגען זיך צו עלעמענטאַרע פּאָליטישע פרייהייטען. וועגען דער פּאַרטיי גופא האָבען מיר שוין גערעדט אין דעם אַרטיקעל וועגען מארק נאַטאַנסאָן*). די פּאַרטיי האָט עקזיסטירט גאָר אַ קורצע צייט, אַלע איהרע מיטגליעדער זיינען גיכען אַרעטירט געוואָרען, אַפּטעקמאַן איז ווי דורך אַ נס נצול געוואָרען. אין די נאָטיצען, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט, שרייבט ער: „דאָס איז געוועזן אַן אונגליקליכע רעוואָלוציאָנערע אונטערנעהמונג, אָהן קראַפט און האַפט.״

איינזעהענדיג, אַז עס איז געקומען אַ „שטילע צייט״, אַז יעדע רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט איז פאַר לאַנג אונמעגליך, האָט אַפּטעקמאַן אין גאַנצען זיך אָבגעגעבען צו זיין פּראָפעסיאָן, און יענע מעלה זיינע, וואָס האָט איהם אין דער רעוואָלוציאָן געמאַכט פאַר אַ „נביא״ — זיין פעהיגקייט אריינצודרינגען אין יעדען מענשליכען האַרצען — האָט איהם אויך איצט געדיענט: ער איז געוואָרען אַן אויסגעצייכענטער פּסיכיאַטער. דיעזער קליינינקער שוואַכינקער מענטשעלע מיט׳ן גרויסען שטערן האָט מיט זיין וואָרט און בליק געקענט בערוהיגען די ווילדעסטע משוגעים, וואָס די שטאַרקסטע האָספּיטאַל־בעדיענטע האָבען זיי האַמעווען ניט געקענט. ער איז געוואָרען בעריהמט אין זיין פאַך. פּיעלע וואונדערליכע געשיכטען ווערען וועגען איהם דערצעהלט. צווישען אַנדערע, האָט ער אויך געהיילט דעם אומגליקליכען גליעב אוספּענסקי, דער רוסישער שריפטשטעלער וועלכער האָט געענדיגט זיינע יאָהרען אין משוגעים הויז. זיינע ערפאַהרונגען מיט אוספּענסקי האָט אַפּטעקמאַן בעשריעבען אין זשורנאַל „סאָוורעמעני מיר.״

* * *

יאָהרען זיינען געפלויגען. די פינסטערע

*) „צוקונפט״ יולי, 1914.

רעאַקציע האָט, אונטער ניקאָלאַי דעם 2טען, ביסלעכווייז געמוזט אָבטרעטען דעם פּלאַץ פאַר אַ נייער אויפלעבונג. די ארבייטער בעוועגונג האָט געהאַלטען אין איין וואקסען.

אַפּטעקמאַן איז אוועק אין סיביר אַלס „נאַראָדניק“ און געקומען איז ער אַלס „קאָנסטי־טוציאָנאַליסט“. אָבער זייענדיג אין אויסלאַנד, האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט זיינע אַל־טע חברים פּלעכאַנאָוו, זאַסוליטש, אַקסעלראָד, די גרינדער פון דער ערשטער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע „די בעפרייאונג פון ארבייט“. די אָפּטע בעגעגענישען און ויכוחים זיינען ניט געבליבען אָהן ווירקונג, און ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעפאַנגען די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע בעוועגונג, געפינען מיר דעם „נביא“ אין איהרע רייהען.

אָט וואָס אַפּטעקמאַן שרייבט וועגען דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפישען נאָטיץ:

„די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט זיך דערטראָגען ביז צו נאָוואָ־ווילייסק, ביז צו די כאָמע ווענד פון משוגעים הויז, וואו איך בין געווען דער עלטסטער דאָקטאָר — אין דער פאָרם פון אַ מאַסען אגיטאַציע צווישען די אר־בייטער פון די שכנישע פאַבריקען און צווישען די פּויערים פון די דערבייאיגע דערפער, אין דער פאָרם פון פּראָפעסיאָנעלע פעראייניגען און כיסטעמאַטישע לעקציעס איבער׳ן סאָציאַליזם — אָט אַזוי ווי אומעטום אין רוסלאַנד“.

די טהעטיגקייט פון דעם עלטסטען דאָקטאָר איז ניט געבליבען אַ סוד פאַר דער רוסישער רעגיערונג, און אין 1905 האָט זי איהם פער־פּאַקט, אויף זיינע אַלטע יאָהרען, אין געפענג־ניס. אַ שטראָף האָט איהם ערוואַרטעט גאָר אַ נישקשה׳דיגע (לויט די פּאַראַגראַפען 102 און 126). אָבער דאָ איז זיך צונויפגעקומען די ערש־טע דומא, אַ נייער ווינטעל האָט גענומען בלאָ־זען און דער קראַנק געוואָרענער אַלטער דאָק־טאָר איז ארויסגעלאָזען געוואָרען אויף ערבות. אַן אַלטער חבר זיינער האָט אריינגעטראָגען פאַר איהם אַ גרויסע סומע. אַפּטעקמאַן איז אוועק קיין אויסלאַנד.

* * *

אין פריהלינג פון 1907, נאָך מיין אנטלוי־פען פון סיביר, האָב איך זיך ווידער איינגעפו־נען אין אויסלאַנד און וועלענדיג זיך זעהן מיט אַן אַלטען חבר, פּלעכאַנאָוו׳ען, בין איך פערפּאָה־רען קיין נערווי, צפון־איטאַליען. און אויף מאָר־גען נאָך מיין קומען האָב איך דערזעהן ביי איהם אַ בעוועגליכען ווייסינקען אַלטיטשקען מיט אַ גרויסען לייכטענדען שטערן — פּונקט אַזוי ווי ביי אַפּטעקמאַן׳ען. נאַטירליך, איז דאָס געווען אונזער „יאַסיקעל“. ער האָט זיך אַ האָ־רעלע פערעלטערט — איז דאָך זינט מיר האָבען זיך ניט געזעהן פערלאָפען ניט מעהר ווי 27 יאָהר — אַ בעטרעף האָט דאָס... אַ קליינע ענדערונג דאַרף מען דאָך דער צייט ערלויבען צו מאַכען.

פערשטעהט זיך אַז מיר האָבען זיך צור־רעדט, און מיר האָבען זיך געפרעהט, און נאָך אַמאָל זיך צורעדט, און זיך דערמאָהנט זאַכען, און אַזוי אָהן אַ סוף. אַ בעזונדרען פערגניגען האָט מיר פערשאַפט, וואָס דער אַלטער חבר איז אויך מיין געגנאָסע לויט זיינע אנשויאונגען.

„דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם — שרייבט אַפּטעקמאַן אין זיין בריעף צו מיר — איז פאַר מיר נאָך עד היום סוביעקטיוו און אָב־יעקטיוו אַ בשורה טובה פון באַלדיגער ערליי־זונג, כאָטש אין זיין פּראַקטיק בעטהייליג איך זיך מעהר ניט“.

דער פיעל זייטיג געבילדעטער, טאַלענט־פולער דאָקטאָר, וועלכער האָט פון זיין לאַנ־גער פּראַקטיק אַ גראָשען ניט אָבגעשפּאָרט אויף דער שלעכטער צייט, ארויסגעוואָרפען אויף דער עלטער אין דער עמיגראַציע דורך דער רעוואָלו־ציאָנערער כוואַליע, ליידט איצט, צוזאַמען מיט זיין קראַנקער, אונהיילבאַרער פרוי, דחקות און נויט. צוליעב דער פרוי וואוינט אַפּטעקמאַן אין קלאַראַן (אין דער שווייץ), פון וואַנען ער שיקט פון צייט צו צייט אין די רוסישע זשורנאַלען מיערקווירדיג אינטערעסאַנטע עראינערונגען, און ווען ניט די הילף פון עטליכע איבערגעבענע אַלטע חברים, וואָלט דער אַלטער מיט זיין פרוי פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

און דאָס איז די בעלוינונג פאַר דעם טאַ־לענטפולען מאַן, וועלכער האָט זיין לאַנגען לע־בען געווידמעט אויסשליעסליך די אינטערעסען פון די יעניגע, וואָס דער מזל האָט זיי פער־זעהן...

מ. אַשעראָוויץ

ניט פערשפּעטיגט

.2

נאָכ'ן סטרייק, נאָך דעם ווי זיידענבערג איז דאָך ווי עס איז דורכגעקומען מיט די אַרבייטער, האָט ער זיך צו־פיעל אָנגעהויבען פערלאָזען אויף זיין שוועסטער, דער „פּאָר־לײדי" און אַליין איז ער גאַנץ אָפּט בייטאָג צו דער מיסעס שטיינוואַלד אַוועק.

— גערעדע בין איך דאָ פערבייגעגאַנגען — האָט ער אַלע מאָל דעמזעלבען אויסרייד געהאַט — בין איך שוין צו אייך אַריין געוואָהר ווערען וואָס איהר מאַכט.

נאָכהער האָט ער שוין דעם אויסרייד מעהר ניט געדאַרפט האָבען דערפאַר, וואָס ער האָט איהר אויפגעגעבען אַזאַ פּלאַן:

— אַזוי ווי ער וואָלט זעהר וועלען אי־בער'חזר'ען דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געלערנט, און זי לערנט דאָך איצט סיי־ווי־סיי, וועט ער איהר אַלע טאָג אַביסעל אַרויסהעלפען.

פון דעמאָלט אָן איז ער שוין אַלע טאָג געקומען אַרויסהעלפען איהר אין לערנען, און חוץ דעם האָט ער מיט איהר, אויפ'ן ישיבה'שען גריבלערישען שטייגער, געשטודירט ספּענסער'ס עוואָלוציאָנס־טהעאָריע. ער האָט ממש געגאַפט פון איהרע זעלטענע פעהיגקייטען; ווי זי איז אַזוי שנעל תופס דעם שווערסטען געדאַנק — טאַקע אַ גאון'ישען קאָפּ האָט זי!

און די מיסעס שטיינוואַלד איז געווען איינע אַ גליקליכע. איהר חשק צו לערנען און וויסען אַ סך האָט זיך איצט נאָך מעהר ענט־וויקעלט און דערפאַר איז זי איהם זעהר דאַנק־באַר געווען.

— מיסטער זיידענבערג — האָט זי איהם גאַנץ אָפט געזאָגט — איך האָב זיך גאָר קיינ־מאָל ניט גערעכנט צו האָבען אַזאַ גוטען רבי'ן ווי איהר.

נאָך יעדער מאָל לערנען צוזאַמען, איז ער אַלץ גרעסער אין איהרע אויגען אויסגעוואַקסען און סוף כל סוף האָט זי אָנגעהויבען בעמערקען, אַז ווען ער פערקלערט זיך און זוכט די פּאַ־סענדסטע ווערטער בכדי איהר עפּעס אַ שווערען ענין צו ערקלערען — דאַמאָלט קוקען זיינע גרויסע, קלוגע אויגען פון אונטער די ברילען אַזוי פערטראַכט און שעהן און אין גאַנצען זעהט ער אויס אַזוי סימפּאַטיש און ליעבליך...

איבער דעם זיינען איהר איינמאָל די גע־דאַנקען אַזוי צומישט געוואָרען, אַז זי האָט שוין בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן עפּעס אַ וויכטיגען ענין, וואָס ער האָט איהר געהאַלטען אין ערקלערען. גאָר געגען איהר ווילען, האָבען איהרע אויגען שעמעוודיג געקוקט אַרונטער, און ווער ווייסט ווי זי וואָלט זיך דעמאָלט גע־ווען אויסגעדרעהט, ווען די קינדער זאָלען ניט געווען אַריינגעלויפען מיט אַ געפּילדער:

— מאַ, ווי אַר האָנגרי!

דעמאָלט האָט זי איהם אין מיטען דערי־נען איבערגעלאָזט, אַריינגעלאָפען אין קיך אַריין און מיט איבערגעטריבענער געטריישאַפט גע־געבען עסען די קינדער.

מיט דער צייט איז פאַר איהר קלאָר גע־וואָרען, אַז אין איהרע פריינדליכע בעציהונגען צו זיידענבערג'ן איז פאַראַן נאָך עפּעס אַזעל־כעס, וואָס וואָלט אייגענטליך ניט געדאַרפט זיין. זי האָט זיך אַליין פאָרווירפע געמאַכט: ס'איז ניט פיין, זעהר ניט פיין פון איהר אין זינען האָבען אַזעלכע נאַרישקייטען! אמת טאַקע, זיידענבערג איז אַ קלוגער, אַ געבילדעטער און אַ פיינער. איהר מאַן קען זיך מיט איהם גע־ווים ניט פערגלייכען. טו, איז וואָס זשע?!..

— ניין, זי איז שוין אַ מאַמע פון קינדער און טאָר זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון צופעליגע, נאַרישע געפיהלען.

זיינען אָבער די נאַרישע געפיהלען געווען שטאַרקער פון איהר פערשטאַנד און זי האָט זיך, גאָר געגען איהר ווילען, געלאָזט פיהרען פון זיי. דעמאָלט איז זי געוואָרען זעהר צו־געלאָזט און מאָדנע איבערגעגעבען צו איהר מאַן, און צו זיידענבערג'ן האָט זי געהאַט טענות:

— פאַרוואָס קומט די מיסעס זיידענבערג אַזוי זעלטען אהער? איהר איז דאָך אודאי זעהר אומעטיג אין הויז.

צוליעב דעם איז זי מיט איהר מאַן שוין צו אָפּט צו זיידענבערג'ן אהיים מיט וויזיטען געגאַנגען און ביי יעדער מאָל געבעטען פיגען:

— קומט אַריין צו אונז, מיסעס זיידענ־בערג, אָפּטער.

און אין אַ קורצע צייט אַרום זיינען זיי שוין ביידע אַזוי בעפריינדעט געווען, אַז פיגע האָט שוין פאַר איהר אַלע איהרע ווייבערשע סודות דערצעהלט, זיך עצות געהאַלטען מיט איהר, און איינמאָל, אין אַ הייסען זונטאָג אויף דער נאַכט, ווען זיי זיינען ביידע אויפ'ן באַלקאָן געזעסען און געשמועסט צווישען זיך ווי צוויי

גליַיכע מענשען, האָט איהר פייגע זעהר א וויכטיגען סוד אין אויער אריינגעשושקעט:

— וואָס ווייסט איהר ס׳אַראַ קאַלטער מלאך ער איז! עס געהען אַוועק עטליכע וואָכען כסדר און איך פערגעס גאָר, אַז איך האָב א מאַן...

דערביי האָט זי זיך געקנייפּט אונטער דער פּאַכווע און אַזוי נאַריש און גראָב זיך געשטיקט פון געלעכטער...

טהיר און פענסטער זיינען געווען אָפען, האָט מען פון׳ם פראָנט־צימער געהערט ווי זיידענבערג רעדט מיט שטיינוואַלד׳ן און ברייעט איהם רק אויס, אַז לערנען זיך איז זעהר ניצליך און קיינמאָל ניט צו־שפּעט. און שטיינוואַלד ענטפערט נעבעכ׳דיג:

— איך אַליין ווייס דאָס דען ניט? אָבער דער קאָפּ איז מיר ניט דערביי.

די לעצטע ווערטער חזר׳ט ער איבער עטליכע מאָל, האָט ער אָבער א פּנים מורא מען זאָל ניט מיינען, אַז דער קאָפּ, וועלכער איז איהם ניט דערביי, איז חלילה אַזאַ פערשטאָפּטער, וואָס קען ניט פערנעהמען קיין הויכע ענינים. דערצעהלט ער ווי אינגעלוויַיז האָט ער גע׳שם׳ט פאַר אַ „גוט קעפּיל"; ווי ער האָט גוט פערשטאַנען אמאָל דעם „הדת והחיים". פון אחד העם׳ן איז שוין אָבגערעדט; פון איהם האָט ער גאָר די פינגער געלעקט, אַי, זיינע „פרורים" — אמת׳ע בריליאַנטען.

— איצט אָבער — מאַכט ער אַזוי ווי פערענטפערענדיג זיך — איז דער עול פון פּרנסה זעהר שווער. א ווייב מיט קינדער, מען דאַרף מאַכען א לעבען, ס׳איז דאָך אַמעריקאַ...

דאמאָלט האָט די מיסעס שטיינוואַלד איבערגעלאָזט פייגען א לאַכעדיגע אויפ׳ן באַלקאָן און אַליין איז זי מיט א גדולה אַריינגעלאָפען אין שטוב אַריין.

— גיט איהם, גיט איהם, מיסטער זיידענבערג! אפשר וועט ער אייך פאָלגען. איך האָב שוין מיט איהם גענוג איינגע׳טענה׳ט, איהם צוגערעדט ער זאָל אויך אָנהויבען לערנען און לייענען, ענטפערט ער מיר אַלץ דעם זעלבען תירוץ, אַז דער קאָפּ איז איהם ניט דערביי.

און נאָך מעהר: זאָל ער איהר נור קוקען גלייך אין די אויגען און זאָגען דעם אמת — געהט זי דען ניט אַרבייטען, ווען ער פערדיענט ווייניג? טו, וואָס זשע דערצעהלט ער א מעשה, אַז דער עול פון פּרנסה איז צו שווער?! ער פוילט זיך פּשוט.

שטיינוואַלד איז געזעסען ווי א פער׳משפּט׳ער און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— איך ווייס — האָט ער געשמייכעלט פערלעגען — מען דאַרף טאַקע אָנהויבען עפּעס טהאָן.

געאײלט עפּעס צו טהאָן האָט ער זיך אָבער ניט; צו שווער איז פאַר איהם זיין אַרבייט געווען, צופיעל פעראַנטוואָרטליך האָט ער זיך געפיהלט אַלס פּרנסה־געבער און בשום אופ׳ן האָט ער זיך ניט געקענט פערטיעפען אין אַזאַ זאַך, וואָס קען ניט כאָטש מעהר אָדער ווייניגער זיין לעבען פערגרינגערען. ערשט מיט א צייט שפּעטער, ווען מען האָט איהם אָבגעלעגט פון דער אַרבייט אויף א חדש צייט און ער, אַן אומעטיגער, א פערזאָרגטער, האָט גאַנצע טעג ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט זיך — ערשט דעמאָלט האָט זי איהם אָנגעהויבען לערנען ענגליש און מיט איהם צוזאַמען ביכער געלייענט.

אויף דעם סמך האָט ער שוין מיט זעלבסטווירדע אָנגעהויבען אַנטהייל נעהמען אין די געשפּרעכען און ער וואָלט שוין ווירקליך געווען געמיינט, אַז ער שטעהט ניט נידעריגער פון אָט די אַלע בעקאַנטע, וואָס קומען צו איהם אין שטוב אַריין, ווען זיידענבערג זאָל זיך ניט געווען צו אָפּט ווענדען צו איהם מיט אַזאַ אונגעריכטער פראַגע:

— און וואָס דענקט איהר, מיסטער שטיינוואַלד, וועגען דעם?

דאָס פלעגט איהם גאָר אין גאַנצען צוטומלען, מיט אונבעהאָלפענע בליקען פלעגט ער אָנהויבען קוקען אויף זיין פרוי, ווי ער וואָלט ביי איהר געפרעגט:

— טאַקע, וואָס דענק איך וועגען דעם?

סוף זומער האָט זיידענבערג אויסגעהאַלטען די לעצטע עקזאַמענס און שוין אָנגעהויבען קלערען וועגען אַריינטרעטען אין אוניווערטיטעט. האָבען זיך אָבער זיינע געשעפטען, אין יענער צייט, זעהר פערפּלאָנטערט; די שוועסטער זיינע, די „פּאָרליידי" האָט אפנים ניט גוט דעם שאַפּ געפיהרט, האָבען ווייניג אָרדערס אָנגעהויבען אַריינקומען און ער האָט געמוזט אָבלעגען זיין פּלאַן אויף שפּעטער. אין איילעניס פלעגט ער שוין דעמאָלט אַריינלויפען צו דער מיסעס שטיינוואַלד און זיך גע׳ישוב׳ט מיט איהר, וואָס ער זאָל איצט טהאָן.

זי האָט איהם עצות געגעבען, געפאָהרען צו איהם אין שאַפּ אַריין אַלע טאָג און איהם געהאָלפען די ביכער איבערקוקען. שטונדען לאַנג האָט זי זיך אין די לאַנגווייליגע ציפערן געגריבעלט און אויסגעפונען האָט זי אָט וואָס:

— פון יוני אָן איז דאָס פערדיענסט געוואָרען ווייניגער מיט דרייסיג פּראָצענט און איצט האַלט דאָס שוין ביי גאַנצע פופציג פּראָצענט ווייניגער ווי אין די חדשים ביז יוני.

אַזוי וויַיט האָט שוין זעהר פריינדשאַפט געהאַלטען, אַז זי האָט זיך פראַנק און פריי אין זיינע געשעפטען געמישט און ער האָט זיך שוין

צייטענווייז פערגעסען און אַרויפגעלעגט די האַנד אויף איהר אַקסעל און זי ביים נאָמען אָנגערופען — רחל.

— איצט, רחל — פלעגט ער איהר זאָגען מיט א חנ'עוודיגער צוטראָגענקייט — וואָלט געווען גוט, ווען איהר זאָלט האָבען געלד! איהר וואָלט דאָך מיר אודאי געליהען אַפילו טויזענד דאָלער...

נאָך דעם איז אָנגעקומען דער סיזאָן און ער האָט גאַנצע טעג געמוזט זיין בעשעפטיגט אין שאַפּ, ווייל זיך ווידער צופיעל פערלאָזען אויף דער שוועסטער האָט ער שוין יעצט מורא געהאַט. פון דעסטוועגען איז ער גאַנץ אָפט געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי זיך אין קאַבינעט, געבלעטערט אַ סך דיקע ביכער, געגריבעלט זיך אויף זיין ישיבה'שען שטייגער און דערביי האָט ער געהאַט זעהר אַ וויכטיגע כונה: ער מוז איבערצייגען די מיסעס שטיינוואַלד, אַז דער דאָקטאָר ברילאוו, פון וועמען זי האַלט אַזוי פיעל, איז אין דער אמת'ען גאָר אַ קליינער למדן און ממילא קומט דאָך שוין אויס, אַז ער האָט קיין רעכט ניט צו לייענען לעקציעס אין'ם אַרבייטער טעמפּעל . . .

.3

די מיסעס שטיינוואַלד האָט זעהר געוואָלט, אַז איהר מאַן זאָל צופריעדען זיין פון דעם, וואָס זי איז מיט זיידענבערג'ן אַזוי בעפריינדעט, צייטענווייז האָט זי זיך אַפילו געפיהלט געקרענקט פון דעם — ס'אַרע אַ קאַלטע בריאה ער איז! אַן אַנדערער וואָלט שוין אודאי געווען אייפערזיכטיג און ער — ס'זאָל איהם אַפילו אָנהויבען אַרען!

איהר האָט זיך זעהר געגלוסט איבערצולעבען אַזעלכע אינטערעסאַנטע מאָמענטען:

דער מאַן, אַ געפּלאָגטער פון אייפערזוכט, וויל אויסגעפינען צי זיין חשד איז אַ ריכטיגער, צי ניין, הויבט ער אָן איבערפרעגען פאָרזיכטיג:

— ער איז דאָ נעכטען לאַנג געזעסען?

אָדער:

— וועגען וואָס זשע האָט איהר דאָ ביידע גערעדט?

און זי ענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— ווייס איך . . . געזעסען, גערעדט וועגען אָהן אַ שיעור זאַכען . . . איך קען דען געדענקען וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט! . . .

איז אָבער שטיינוואַלד — דער שטילער אָרענטליכער מאַן, וועלכער האָט בכלל ניט געקענט ניט גלויבען יענעם — אַזוי פיעל אין איהר פערגלויבט געווען, אַז איהם איז גאָר קיינמאָל אויף דער מינדעסטער מחשבה ניט געקומען, אַז זיין רחל זאָל זיך אין אַן אַנדערן פערליעבען.

עס האָט אַפילו ניט געהאָלפען דאָס, וואָס זי האָט זיך צייטענווייז אומישנע אויפגעפיהרט אַזוי, אַז ער זאָל האָבען אַן אורזאַכע אייפערזיכטיג צו ווערען, עס האָט אַפילו ניט געהאָלפען דאָס, וואָס זי פלעגט גאַנץ אָפט שוין צו שפּעט ביינאַכט מיט זיידענבערג'ן פון אַ לעקציע קומען — קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען, ווייל וועגען דעם האָט ער זיך געהאַט אַזאַ מיינונג:

— זי, רחל, איז דאָך אודאי אַ קלוגע און אַ געבילדעטע, און אויב זי טהוט אַזוי, מסתמא דאַרף מען דאָך אַזוי טהאָן . . . ווייסט ער דען ניט, אַז ביי די גרויסע געבילדעטע מענשען פיהרט מען זיך אויך אַזוי . . . און באמת טאַקי: קיין גרויסע פערגעניגען קען ער איהר ניט פערשאַפען, טאָ זאָל זי כאָטש הנאה האָבען פון דעם, וואָס זי לערענט און קומט זיך צונויף מיט גרויסע מענשען . . .

דערווייל האָבען ווייבער לשון הרע'ניצעס אָנגעהויבען ריידען, האָט זיין מוטער, אַן אַלטע שטילע אידענע, איינמאָל געהערט ווי צוויי שכנות האָבען, זיצענדיג אויף די שטיגען, צווישען זיך אַזוי גערעדט:

— זי, די געבולבעטע — מאַכט איינע צו דער אַנדערער אין דער שטיל — זי לעבט שוין גאָר אַ טאָג . . .

דערביי פּאַטשען זיי זי אין פּאַדעליקס אַריין און שמייכלען:

— גאָר ניט קיין מיאוס'ער יונגער מאַן יענער מיט די ברילען. טאַקי גאָר גאָר ניט קיין מיאוס'ער . . .

די אַלטע האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג, זי אַליין האָט אויך וועניג נחת געהאַט פון דעם, וואָס איהר שנור איז מיט זיידענבערג'ן אַזוי בעפריינדעט, צופיעל האָט איהר שוין איבער דעם דאָס האַרץ וועה געטהאָן. ריידען מיט איהר זוהן האָט זי וועגען דעם ניט געקענט, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט נאָך אפשר אָנמאַכען אַ בייז לעבען צווישען די קינדער . . .

דארום האָט זי טאַקי אַ שטיק צייט שטילערהייד געליטען, פאַר קיינעם ניט אויסדערצעהלט איהר שווער פערביטערט מוטערליך האַרץ. ביז זי האָט איינמאָל אין אַן אָסיען'דיגען שבת ביי טאָג, ווען קיינער חוץ איהר זוהן איז אין שטוב ניט געווען, און איהר איז אויפ'ן האַרצען געווען שווערער ווי אַלע מאָל קלערענדיג וועגען יענע זיסע שבתים אין דער היים, וועלכע האָבען זיך יעצט אין איהר זכרון אויפגעמישט — דעמאָלט האָט זי זיך סוף כל סוף איינגעשטעלט:

— מיין זוהן! — האָט זי אָנגעהויבען שטיל און פאָרזיכטיג, ווי זי האָט זיך בכלל געהאַלטען אין שטוב, כדי די קינדער זאָלען פון איהר דעם קלענסטען עגמת נפש ניט דאַרפען האָבען — מיין זוהן! איך בין טאַקי אַן אַלטע

אידענע און פערשטעהט ניט אַזוי פיעל וויפיעל איהר פון דער היינטיגער וועלט . . . אָבער . . . איך מיין, אַלעס דארף דאָך האָבען אַ שיעור... איך וויים . . . צו־וואָס דארף מען לייטען אַזוי אויפרייסען די אויגען ? ! . . .

ער האָט ניט פערשטאַנען אַקעגען וואָס זי זאָגט דאָס, אַ פערוואונדערטער האָט ער אויף איהר די אויגען אָנגעשטעלט. האָט זי אין גרוים פערלעגענהייט דאָס זיידענע טיכעל אונטער די אויערען אָנגעהויבען צורעכט מאַכען און נאָך אַמאָל דאָס זעלבע איבערגע'חזר'ט :

— איך וויים . . . צו־וואָס דארף מען לייטען אַזוי אויפרייסען די אויגען ? !

— אָבער אַקעגען וואָס זאָגסטו דאָס ? — האָט ער נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען.

— וואָס איז דאָ ניט צו פערשטעהן ? — האָט זי אָבל'דיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — איך זאָג דאָס . . . אַקעגען רחל'ן זאָג איך דאָס . . .

— גאָט שוין גאָט ! — האָט ער זיך אויסגעלאַכט — דו מיינסט אַפּנים, אַז יעצט דארף מען זיך נאָך פיהרען אַזוי ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען ?

מעהר האָט זי איהם וועגען דעם גאָר ניט געזאָגט. אַ שטילע, אַן אונצופריעדענע, האָט זי אַלע טאָג געזעהן ווי זיידענבערג מיט איהר שנור פערמאַכען זיך אין אַ בעזונדער חדר אויף צוויי־דריי שטונדען . . . איהר האָט זיך עס עפּעס ניט געלעגט אויפ'ן שכל — אַזוי לאַנג לערענט מען ? אַזוי לאַנג ? און אַז מען לערענט, פאַר וואָס זשע ווערט דאָרט אַלע מאָל שטיל ? — אַך, רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס ! וואָס פאַר אַ טריפה'נע מדינה דאָס אַמעריקא ! . . . אָבער וואָס קען זי העלפען ! זי מוז הערען, זעהן און שווייגען. אַן אַנדער ברירה האָט זי ? . . . רייסט איהר אָבער דאָס האַרץ אויף איהר זוהן, זי קען ניט איינזיצען אויף איין אָרט. נעהמט זי זיך אַמאָל אָן מיט מוטה און שרייט אויס אַזוי ווי זי וואָלט כלומר'שט גאָר ניט אויסען געווען מיט דעם :

— רחל ! די קינדער געהן שוין פון סקוהל !

געהט רחל ארוים פון יענעם פערמאַכטען צימער :

— שוויגער, — מאַכט זי צו איהר תמימות'דיג אין לייטיש גיט זיי, זייט מוחל, עפּעס עסען . . .

נו, וואָס זשע קען זי מאַכען, אַז יענע איז אַזוי פערקאָכט אין'ם לערנען און אפשר טאַקי — גאָט זאָל זי ניט שטראָפען פאַר די געדאַנקען — אין איהם, אין זיידענבערג'ן הייסט עם ? אַ מיאוס'ע וועלט, זעהר אַ מיאוס'ע וועלט ! . . .

אין יענער צייט האָט שוין שטיינוואַלד זעהר שווער געאַרבייט. אַ פערמאַטערטער איז ער אַלע אויף דער נאַכט אַהיים געקומען און באַלד נאָך'ן עסען זיך געלעגט שלאָפען. מיט רחל'ען האָט ער קיין צייט ניט געהאַט קיין סך צו ריידען, ווייל אַלע גאַנץ פריה ווען ער איז צו דער אַרבייט אַוועק, איז זי נאָך געשלאָפען. און איינמאָל זונטאג פאַרנאַכט, נאָך דעם ווי ער איז פון נאָכ'ן אָנבייסען אָן עטליכע שטונדען כסדר אָבגעשלאָפען, האָט ער אויף איהר עפּעס מאָדנע אַ קוק געטהאָן און ווי אַ נייעס בעמערקט :

— זעה נור, ביזט עפּעס אַזוי שטאַרק אַ תל געוואָרען !

געזאָגט האָט ער דאָס אַזוי, אַז זי האָט ניט געקענט פערשטעהן צו בעדויערט ער דאָס, אָדער — ער חידושט זיך פשוט, וואָס זי איז אַזוי אַ תל געוואָרען און ער האָט דאָס גאָר ביז יעצט ניט בעמערקט.

דערפאַר האָט זי איהם טאַקי דערויף בלויז מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל געענטפערט און געקלערט האָט זי דעמאָלט, אַז ער איז גאָר קיין מענש ניט, צו די קינדער איז ער זעהר אַ קאַלטער טאַטע ; קיינמאָל צערטעלט ער זיי ניט, ערציהען זיי קען ער ניט און עס איז אויף איהם אַ גרויסער רחמנות . . .

צונויפבינדען אָט די געדאַנקען אין אייגענעם האָט זי יעצט ניט געקענט און עפּעס מורא געהאַט צו קלערען ווייטער וועגען דעם . . .

וואָס צו ריידען מיט איהם, האָט זי ניט געהאַט — וואָס קען ער איהר זאָגען ? די מעשיות זיינע וועגען דעם שלעכטען פאָרמאַן, וואָס פערדרעהט די יאָהרען אָדער וועגען די צרה'דיגע פרייזען, האָט זי שוין גענוג געהערט און עס געהן איהר יעצט גאָר ניט אין קאָפּ אַריין אַזעלכע נאַרישקייטען. דאַרום איז זי טאַקי זעהר צופריעדען געווען ווען די שטענדיגע בעזוכער זיינען זיך צונויפגעקומען און זי האָט געקענט האָבען דאָס פערגעניגען צו זעהן ווי אַלע קוקען זיידענבערג'ען אין מויל און הערען זיך איין ווי ער רעדט אַזוי קלוג און שעהן . . .

זי האָט זיך אין דעם אַזוי פערטיעפט, אַז זי האָט גאָר ניט בעמערקט ווען שטיינוואַלד האָט זיך שטילערהייד פון דער חברה ארויסגערוקט און איז אַוועק שלאָפען . . .

ערשט מיט עטליכע שטונדען שפּעטער, ווען ער האָט זיך אין שלאָף איבערגעוואָרפען און דערהערט, אַז אין יענעם צימער רעדט מען נאָך, האָט ער פלוצים שטאַרק חשק בעקומען צו הערען וועגען וואָס מען רעדט דאָרט. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס ער האָט יעצט אַ קלער געטהאָן, אַז אַזוי ווי ער האָט זיך שוין אַביסעל אויסגעשלאָפען, וואָלט אפשר ניט אויסגעמאַכט אַריינצוגעהן אַהין און אויך אַביסעל פערברענגען מיט מענשען ? ! און אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס געראַדע

יעצט, אין דער פינסטער, האָט ער זיך דערמאהנט דאָס, וואָס זיין מוטער האָט איהם מיט אַ צייט צוריק געזאָגט און אויף דעם סמך האָט זיך איהם שוין געדוכט, אַז דאָרטען אין יענעם צימער זיצען יעצט נור רחל מיט זיידענבערג׳ען ? !

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויפגעשפּיצט די אויערען און געהערט ווי זיידענבערג זאָגט :

— האָט דאָך טאַקע אָטאָ וויינינגער געזאָגט אין זיין בוך „געשלעכט אונד כאַראַקטער“, אַז מוטער־ליעבע איז ניט קיין מאָראַלישע ליעבע דערפאַר, וואָס קיין אינסטינקטיווע מאָראַל איז ניטאָ, עס איז פאַראַן בלויז אַ בעוואוסטזיניגע מאָראַל . . .

די ווערטער זיינען איהם עפּעס ניט געפעלען געוואָרען, כאָטש ער האָט זיי ניט אַזוי קלאַר פערשטאַנען. ער האָט אַ קלער געטהאָן :

— אפשר אַריינגעהן אהין ?

באַלד האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז מאָרגען איז ערשט מאָנטאַג און ער וועט אַ גאַנצע וואָך דאַרפען אַרבייטען אַזוי שווער, האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגען אויפ׳ן בעטעל און אנטשלאָפען געוואָרען.

אין יענער צייט האָט זי שוין גאַנץ ערנסט געקלערט, אַז שיידען זיך מיט איהם מוז זי. און כאָטש עס איז ביי איהר גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז זי האָט איהם ניט ליעב, דאָך איז איהר פון דעם מאָהנע שווער אויפ׳ן האַרצען געוואָרען . . .

אָבער צייטענווייז האָט זי אַנדערש געפיהלט. ער — אַזוי האָט זי דעם גאַנצען פּלאַן גענומען גרינג — ער וועט זיך דאָס געוויס צום האַרצען ניט נעהמען ; ליעב האָט ער זי דאָך ניט, בכלל איז ער ניט פון די מענשען, וואָס קענען שטאַרק ליעב האָבען . . . און די קינדער ? — זיי וועט זי נעהמען צו זיך . . . סיי ווי סיי איז ער אַ קאַלטער טאַטע און ער וועט זיך קענען בעגעהן אָהן זיי . . . דאַרף זי, הייסט עס, בלויז איבעררייִדען מיט איהם און איהם זאָגען דעם גאַנצען אמת, אַז זי קען מעהר מיט איהם ניט וואָהנען . . .

זאָגען איהם דעם אמת האָט זי אָבער ניט געקענט, ווייל אַלע מאָל ווען זי האָט געוואָלט אָנהויבען ריידען מיט איהם וועגען דעם, האָט זי באַלד רחמנות געקראָגען אויף איהם, דעם שטילען, אָרענטליכען און שטענדיג פערהאָרעוועטען מענשען.

זיינען אַזוי אַוועק וואָכען און וואָכען. פון איין טאָג אויפ׳ן צווייטען האָט זי דאָס אָבגעלעגט כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז מאָרגען וועט זי דאָס אויך ניט זאָגען, און זי איז אין בעם געוועזן אויף זיך אַליין — פאַר וואָס איז זי אַזאַ שרעקעדיגע ? און טאַקע אַזאַ פאַלשע ? . . . ביז זי האָט זיך איינמאָל קוים מיט צרות איינגעשטעלט און אנגעהויבען מיט געמאַכטער דרייסטקייט :

— אברהם, איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, אַז . . .

אין דער מינוט האָט ער אויף איהר מיט די גרויע קינדערשע אויגען אַ קוק געטהאָן, און זי האָט זיך שוין געמוזט אויסדרעהן אַזוי :

— אַז . . . אַז דו האָרעוועסט צו שווער... כ׳לעבען, דו וואָלסט זיך געדאַרפט אַביסעל אָברוהען . . .

נאָך דעם האָט זי זיך אַ שטיק צייט אויפגעגעסען אַ לעבעדיגע — שעהמען דאַרף זי זיך, בנאמנות, פאַר זיך אַליין ; אזא וויבעל, ווי זי, איז ניט קליין צו זיין דרייסטער און זעהן, אַז עס זאָל וואָס גיכער נעהמען אַן עק . . . און דאָ האָט איהר פערפאָלגט נאָך אַ געדאַנק : וואָס וועט זי טהון אויב עס וועט זיך נאָכהער אַרויסווייזען, אַז זיידענבערג האָט זי גאָר ניט ליעב ? ! אמת טאַקע ער בעציהט זיך צו׳ן איהר אַזוי, אַז זי קען דענקען, אַז ער האָט זי יאָ ליעב, אָבער זיכער אין דעם איז זי דאָך ניט... און נאָך אַ זאַך : אויב איהר פאַלט איין אַזאַ געדאַנק, קומט דאָך אויס, אַז זי וויל זיך פשוט פריהער פערזאָרגען. און דאָס איז ניט פיין, זעהר ניט פיין פון איהר . . . און איבעריגענס, אפשר פאַלט איהר איין אָט דער געדאַנק פשוט דערפאַר, וואָס זי האָט איהם, זיידענבערג׳ען זעהר ליעב ? נו־יאָ. עס פערשטעהט זיך . . .

געוואָלט האָט זי, אַז עס זאָל זיין אַזוי :

נאָך איידער זי וועט מיט זיידענבערג׳ען וועגען דעם ריידען, זאָל זי איהר מאַן ערקלערען אַזוי אָפענהערציג און דרייסט :

— ער קען דאָך ניט לייקענען, אַז די צוועלף יאָהר זינט זיי זיינען פערהייראַט האָבען זיי געלעבט שטיל און פיין, ווי ווייט מעגליך האָט זי איהם אַרויסגעהאָלפען. אַז זי האָט איהם די גאַנצע צייט ליעב געהאַט, ווייסט ער דאָך אַליין. אָבער יעצט מוז זי איהם זאָגען דעם אמת, אַז זי האָט איהם מעהר ניט ליעב, און אַזוי ווי קיין פאַלשע קען זי ניט זיין, איז דאָס בעסטע — שיידען זיך . . .

זי האָט זעהר חשק געהאַט, אַז עס זאָל אַזוי אויסקומען, און דאָך איז דאָס גאָר אויסגעקומען אויף אַזאַ׳ן אופן :

ישראל גרינבערג האָט אין אַ שבת אויף דער נאַכט געמאַכט אַ שמחה צוליעב דעם, וואָס זיין עלטסטער זוהן האָט געענדיגט „האַי סקוהל“. האָט מען די נאַכט זעהר פרעהליך פערבראַכט, געטרונקען וויין און אייגענעמגעשטעלטען ווישניאַק, געזונגען חזנ׳ישע שטיקלאַך און רעוואָלוציאָנערע ליעדער.

דער מיסעס שטיינוואַלד האָט זיך זעהר געוואָלט זיין פרעהליך און פערגעסען זיך אַביסעל. האָט זי עטליכע גלעזלאַך וויין אויס־

געטרונקען, פון וואָס עס איז איהר באַלד געוואָרען אַביסעל טומעלדיג. אין קאָפּ און די געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען ווערען פרייער און דרייסטער. דעמאָלט איז זי צו דער מיסעס זיידענבערג זעהר צוגעלאָזט געוואָרען און געטרונקען מיט איהר לחיים — אָט זאָלען זיי זעהן די מאַנסבילען, אַז היינטיגע פרויען זיינען אויך מענשען! זאָלען זיי וויסען, אַז מיר שטעהן ניט אָב פון זיי! טרינקט, מיסעס זיידענבערג, טרינקט!...

און צו זיידענבערג'ען אַלע מאָל:

— איהר זעהט ווי מיר לאָזען זיך וואויל געהן!

— כאַ־כאַ־כאַ!

אַזוי האָט מען גאַנץ שפּעט זעהר לעבעדיג פערבראַכט. און ווען אַלע זיינען שוין מיעד געווען, האָט מאַקס ליטינסקי, דער אינגסטער פון זיי אַלע, געמאַכט אַ פאָרשלאַג:

— זאָל מען שפּיעלען אין פליהענדע פּאָסט!

— טאַקי, טאַקי! — האָט זיך די מיסעס שטיינוואַלד אין דעם אָנגעכאַפּט — מיר מעגען זיך אויך אַמאָל נאַריש מאַכען...

יעצט איז פאַר איהר געווען די בעסטע געלעגענהייט אָנצושרייבען זיידענבערג'ען דאָס, וואָס זי האָט איהם ביז יעצט פערזענליך ניט געקענט זאָגען. ביי דער יעצטיגער געהויבענער שטימונג איהרער, האָט זי געפיהלט, אַז זי וואָלט אפילו מיט איהם אַליין אויך געקענט ריידען וועגען דעם, וואָס זי לעבט איבער די לעצטע צייט, אָבער די ארומיגע האָבען איהר געשטערט, און מאָרגען — האָט זי געוואוסט וועט זי שוין אַזא שטימונג ניט האָבען, דאָרום האָט זי טאַקי אַזוי פער'עקשן'ט אויפ'ן קול געשריען:

— זאָל מען שפּיעלען! כ'לעבען, זאָל מען שפּיעלען!

און טאַקי באַלד האָט זי אָנגעהויבען אָבראַמען פון טיש ווי אַ היימישע בעל־הבית'טע, און אַן אויפגעלעגטע, אַ פרעהליכע האָט זי דעם מאַן איהרען אויך אָנגעטהאָן אַ פאַרטוך און שטיפעריש געקאָמאַנדעוועט:

— טהו עפּעס! שעהם זיך ניט! ווייז וואָס דו קענסט!...

ער האָט געפאָלגט און דערביי נעבעכדיג געשמייכעלט.

— היינטיגע ווייבער! זיי זיינען דיר גאָר אַ קליינינקייט ניט די היינטיגע ווייבער...

שפּעטער זיינען שוין אַלע אַזוי פערטיעפט געווען אין'ם שרייבען, אַז קיינער האָט גאָר ניט בעמערקט ווי די מיסעס שטיינוואַלד מיט זיידענבערג'ן רייסען בריוועלאַך נאָך יעדער פּאָסט און קוקען זיך איבער מיט שטראַהלענדע, פערליעבטע אויגען...

און ביים אַהיים געהן איז שוין אויסגעקומען אַזוי, אַז ער מיט איהר זיינען די ערשטע, אין דער פינסטער, פון די שטיגען אַרונטערגעלאָפען.

דאָרט האָט ער, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען, אין אייל'ענים איהר אין די ליפּען אַ קוש געטהאָן און באַלד אַרויפגעשריען מיט אַ געמאַכטען בייזער:

— קומט שוין! קומט שוין שנעלער אַביסעל! וואָס נודיעט איהר דאָרט?!...

.4

פון יענער נאַכט אָן האָט שוין דאָס פערברענגען צוזאַמען אַלע טאָג אין'ם פערמאַכטען צימער זיי ביידען ניט צופריעדענגעשטעלט; עפּעס האָבען זיי מיט אַמאָל אָנגעהויבען פיהלען, אַז אַלעס אין הויז שטערט זיי, אפילו די מעבעל — האָט זיך זיי געדוכט — קוקט אויף זיי חשד'יג־שטום. צופיעל האָט זיך שוין דעמאָלט דער דיוואַן אין די אויגען געוואָרפען און זיי געבראַכט דערצו, אַז זיי זאָלען זיך חן'עוודיג פערשעהמען איינער פאַר'ן אַנדערן, און קיינמאָל זיינען זיי ניט זיכער געווען, צי פון יענער זייט טהיר שטעהט ניט אימיצער און הערט אונטער יעדער וואָרט, וואָס זיי ריידען צווישען זיך... און ריידען האָבען זיי יעצט געמוזט אַ סך, זעהר אַ סך. האָבען זיי אָנגעהויבען אָבריידען וואו צו טרעפען זיך, אַז קיינער זאָל ניט וויסען און אָפּט מאָל זיינען זיי אויף דער נאַכט, מיט אַן אויסרייד, אַז זיי געהן צו אַ לעקציע, גאָר אַוועקגעפאָהרען אין אַזעלכע ווייטע געגענדען פון שטאָדט, וואו זיי זיינען געווען זיכער ניט צו בעגעגענען קיין בעקאַנטע מענשען.

עס איז זיי ביידען געווען אַזוי מאָדנע און אנגענעהם צו שפּאַציערען געאָרמט איבער דער ברייטער רייכער גאַס, וואו עס האָבען זיך מיט אַ פערשייטער שנעלקייט געיאָגט אָהן אַ שיעור אויטאָמאָבילס. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבען האָבען זיי דעם טעם פון אמת'ער ליעבע געפיהלט.

— בנאמנות, — מאַכט ער צו איהר אייןמאָל און שמייכעלט אַזוי ווי ער וואָלט פערשטאַנען, אַז פאַר איהם פּאַסט ניט צו זאָגען דאָס, וואָס ער וויל יעצט זאָגען — בנאמנות, איך הויב ערשט יעצט אָן בעגרייפען וואָס לעבען הייסט... — און אָט זאָל זי נור אקאַרשט אַליין בעקלערען ווי אונגליקליך ער איז ביז יעצט געווען: געבאָרען געוואָרען איז ער ביי זעהר פרומע פערמעגליכע עלטערן, זיי האָבען איהם ערצויגען אויפ'ן רבנ'ישען שטייגער, צו אכטצעהן יאָהר האָבען זיי איהם חתונה געמאַכט און פון קיין ליעבע האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט... ווען ניט דער פריזיוו, איבער וואָס ער האָט געמוזט אוועק אין אמעריקא, וואָלט ער אפשר יעצט גאָר גע־

ווען אַ רב ערגיץ אין אַ קליין פערוואָרפען שטעדטעל . . .

און זי האָט אויך תרעומות געהאַט אויף דער פערגאַנגענער צייט :

— ער מעג איהר גלויבען אויפ׳ן עהרענוואָרט, אַז ווען זי דערמאהנט זיך ווי זי האָט מיידעלווייז געגאַרט צו לערנען, און איהרע עלטערן, אָרימע בעל־הבית׳ישע עלטערן, האָבען זי פערשלייערט מיט שטיינוואַלד׳ן דערפאַר, וואָס ער, אַ בחור פון אַ יחוס׳דיגער משפחה, האָט זי גענומען אָהן נדן — ווען זי דערמאהנט זיך דאָס, פיהלט זי זיך אַזוי בעליידיגט און געקרענקט, אַז ער קען זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלען . . .

האָבען זיי אָבגערעדט צווישען זיך אַזוי :

קודם כל זאָל זי זיך מיט שטיינוואַלד׳ן גט׳ען. מיט אַ פּאָאָר וואָכען שפּעטער, וועט ער זיך גט׳ען מיט פייגען און נאָך דעם וועלען זיי זיך ביידע בעזעצען אין אַזאַ געגענד אין שטאָדט, וואו קיינער קען זיי ניט און זיי וועלען דאָס אַ לעב טהאָן — ווי ניי געבאָרענע... דאָס גאַנצע לעבען זייערס וועט זיין אָנגעפילט מיט ליעבע און גליק . . . און וועגען די קינדער ? וועגען זיי איז דאָך ניט שייך צו ריידען ; זי פערשטעהט דאָך אַליין, אַז ביי איהם וועלען זיי קריגען אַ שעהנערע ערציהונג איידער ביי שטיינוואַלד׳ן . . .

נאָך אַזעלכע געשפּרעכען און אָפטע שפּאַציערען, איז סוף כל סוף געקומען אַ שבת׳דיגער טאָג ווען ביי שטיינוואַלד׳ן אין הויז איז אַ גאַנצער חורבן געווען. צופיעל איז שוין דעמאָלט דאָס ניט איבערגעוואַשענע געפּעס אויף אַלע טישען געווען אָנגעשטעלט, צופיעל האָט שוין די אַלטע מוטער מיט׳ן קאָפּ געשאָקעלט און געזיפצט אַזוי ווי מען וואָלט נור וואָס פון דער שטוב אַ בר־מנן אַרויסגעטראָגען. די קינדער זיינען מיט אַמאָל רייף געוואָרען, ווי דערוואַקסענע מענשען האָבען זיי זיך שוין פערהאַלטען צו דעם אונערוואַרטעטען אונגליק און אָנגעהויבען פערשטעהן אַזאַ זאַך, וואָס זיי האָבען ביז יעצט ניט פערשטאַנען . . .

— מאַ ! — רופט זיך אָב בעני פערוואונדערט — דו גלייכסט שוין מעהר ניט דעם פּאַפּאַ ? פאַרוואָס עפּעס גלייכסטו איהם מעהר ניט ? . . .

און די זיעבען־יעהריגע יעטאַ האָט שוין ווי אַ דערוואַקסענע טאָכטער געוויינט און ניט געוואָלט אַריינלאָזען איהרע חבר׳טעס, וועלכע זיינען זיך יעצט געקומען שפּיעלען מיט איהר... און שטיינוואַלד — אַ נידערגעשלאָגענער, אַ צובראָכענער — איז געזעסען ביים טיש, ביידע הענד אָנגעשפּאַרט אין די שלייפען פון׳ם שטערן און פערצווייפעלט געקוקט אַרונטער. ער, דער שטילער, דער אָרענטליכער האָט זיך גאָר אויף אַזאַ קלאַפּ ניט גערעכט . . .

— וואָס הייסט עפּעס, זיין רחל האָט איהם מעהר ניט ליעב ! וואָס הייסט עפּעס, זי מוז זיך מיט איהם שיידען ! ער וועט דאָס ניט אַריבערטראָגען ! אַזאַ אונגליק, אַזאַ אונגליק ! איז אַפּנים די מאַמע טאַקי גערעכט געווען . . . אַזאַ אונערוואַרטעטער קלאַפּ ! . . . און וואָס זשע וועט זיין ? וועט רחל, הייסט עס, טאַקי אַוועק פון איהם ? . . . און אָט זיצט זי נעבען איהם מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און שווייגט . . . אָט פיהלט ער ווי זי גלעט איהם איבער׳ן קאָפּ און בעט זיך ביי איהם אין דער שטיל :

— אברהם ! — און מעהר קיין וואָרט ניט.

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, ניט געקענט און מיט אַמאָל זיך פונאַנדערגעוויינט.

דאָס מאָל האָט זי מעהר מיט איהם ניט געקענט ריידען און אויף מאָרגען האָט זי מיט איהם עטליכע שטונדען כסדר אויף דער גרויסער בריק אַרומגעשפּאַציערט און איהם אַלץ אויסגעבריעט, אַז עס פּאַסט ניט פאַר איהם זיך נאַריש צו מאַכען און צו פּיעשטשען זיך ווי אַ קליין קינד . . . אַזאַ מענש ווי ער דאַרף זיין שטאָלץ און זיך ניט נעהמען צום האַרצען אַזעלכע זאַכען ; עס טרעפען אַזעלכע זאַכען צווישען גאָר גרויסע מענשען אויך . . . און אָט זאָל ער נור די זאַך געלאַסענער בעקלערען : וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט זי ביי איהם געהאַט ווען זי זאָל מיט איהם בלייבען וואָהנען אין דער צייט ווען זי פיהלט פאָרט, אַז זי האָט איהם מעהר ניט ליעב ? עס ווייסט דאָך אַליין, אַז זי איז ניט אַזעלכע . . . ניין, ער מוז צוגעבען, אַז דאָס בעסטע איז נור — שיידען זיך . . .

און ער האָט נעבעכדיג עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט :

— איך וויים, איך וויים, דו ביזט פערליעבט אין זיידענבערג׳ען . . . איך וויים, איך וויים . . .

— געה שוין, געה ! — האָט זי זיך ערנסט בעליידיגט און געצוואונגען געלאַכט — דאָס האָט אויף איהם געווירקט און אין אַ פּאָאָר טעג אַרום זיינען זיי שוין געווען געגט׳ע.

ביים געזעגענען זיך האָט זי זיך מיט איהם געקושט — ערשט יעצט זעהט זי וואָס פאַר אַ דימענטענעם, עדעלען כאַראַקטער ער האָט, אָבער וואָס קען זי איהם העלפען, אַז זי האָט איהם פאָרט ניט ליעב ! ביידע האָבען געוויינט גלייך אַ גרויזאַמער, ניט פאָראויסגעזעהענער צופאַל וואָלט זיי מיט געוואַלט איינער פון אַנדערן אַוועקגעריסען. און זיי האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז אויף שטענדיג וועלען זיי זיך גוטע פריינד פערבלייבען . . . די קינדער — האָט ער איהר געזאָגט — וועט ער

איהר אין עטליכע טעג ארום אליין ברענגען.

און ער האָט געהאַלטען וואָרט: אין עט־ליכע טעג ארום האָט ער איהר די קינדער גע־בראכט.

עס איז געווען אזוי מאָדנע:

— רחל! — גיט ער איהר א זאָג און האַלט זיך קוים איין ניט צו וויינען דערביי — זיינען מיר שוין, הייסט עס, יעצט מעהר ניט מאַן און ווייב?... מעהר ניט?... און איך וועל, הייסט עס, בלויז אַלע וואָך קומען אהער זעהן זיך מיט דיר און מיט די קינדער?...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס ריידען און ניט געוואוסט וואָס, צו האַסטיג און טומעלדיג האָט ביי איהם דער מח געארבייט. האָט ער זיך געגעבען א הויב אויף: — מען דאַרף געהן!

ער האָט זיך מיט איהר ווידער צוקושט, געקושט די קינדער און געוויינט און ארויסגע־גאַנגען איז ער א נידערגעשלאָגענער, א פער־ביטערטער און אן אראָבגעפאַלענער ביי זיך...

אין דער היים האָט איהם בעגעגענט די אַלטע מוטער, זי האָט נאָך אַלץ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזיפצט:

— וועה איז מיר! א שעהנער תכלית געוואָרען, ביטער איז מיר...

און ער האָט פערביסען געשוויגען...

אין עטליכע וואָכען ארום איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז זיידענבערג האָט זיך אויף גע־גט מיט זיין פרוי. ערשט דעמאָלט איז פאַר איהם קלאר געוואָרען, אַז דאָ איז געווען אן אָבגערעדטע זאַך.

— אזוי גאָר! אזוי גאָר! — האָט ער זיך געקאָכט אין זיך — האָט זי איהם, הייסט עס, גאָר איינגאַנצען גענאַרט!

א קרענקליכע, צורייצטע איפּערזוכט האָט איהם רוהען ניט געלאָזט. פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרען חשך'ער, אויף רחל'ן האָט ער דאָס ערגסטע אויסגערעדט, נור איינמאָל, ווען מאַקס האָט זיך ערלויבט אויף איהר א שלעכט וואָרט צו זאָגען, איז ער געוואָרען אן אָנגעצונדענער:

— דו לאנגער לא לנו, זאָלסט זיך ניט דערוועגען אויף איהר א שלעכט וואָרט צו זאָ־גען! דו הערסט?! ארויס פון דאַנען, דו פּאַסקודניאַק איינער דו!...

א. ליטווין

די אידישע פאָלקס־שאַפונג אין בילדער

אידישע פאָלקס־זינגער.

1. בערל בראָדער.

די שטודירונג פון דער פאָלקס־שאַפונג האָט א וויכטיגע בעדייטונג פאַר דער זעלבסט־ערציהונג פון דער יוגענד. אָהן דער פאָלקס־שאַפונג קע־נען מיר ניט האָבען קיין ריכטיגען קוק אויף דאָס לע־בען פונ'ם פאָלק, אויף זיינע שטרעבונגען און האָפנונגען. די גרעסטע דיכ־טער, קינסטלער און דענקער מוזען זיך ווענדען צו אָט דעם לעבעדיגען קוואַל פון דעם פאָלק'ס נשמה, אום צו פערשטעהן דאָס פאָלק, אום צו פיהלען און קענען שילדערן זיינע וועהטאָגען. די שעהנסטע ווערק פון די גרעסטע גאונים פונ'ם מענשליכען דענקען און שאַפען האָבען פון דעם דאָזיגען קוואַל געשעפּט. מיר בעמער־קען דאָס סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין קונסט, סיי אין דער פילאָזאָפיע, מיט איין וואָרט — אויף אַלע געביטען פון דעם מענ־שענ'ס שאַפען.

דאָס איז שוין א לאַנג אנערקענטער אמת, ביי זיי, ביי די אומות העולם. עפּענען מיר פו־נאַנדער די בלעטער פון א וועלכער עס איז ליטעראַטור, זעהען מיר באַלד וויפיעל מיה די אינטעליגענץ פון יעדען פאָלק האָט זיך געגע־בען צו זאַמלען די אוצרות פונ'ם פאָלקס שאַ־פונג, צו שטודירען דאָס לעבען פון די אונבע־וואוסטע דיכטער און דענקער פונ'ם פאָלק, וואָס האָבען אויפגענומען אין זייערע צאַרטע נשמות, ווי אין דעם מיטעלפּונקט פון א ברענ־גלאָז, דעם פאָלק'ס פריידען און ליידען; וואָס האָבען געליטען און געקעמפּפט פאַר'ן פאָלק און מיט'ן פאָלק און געמיהט זיך, אויף זייער שטייגער, אריינצוטראָגען ליכט אין דעם פאָלק'ס פינסטערן לעבען און פערזיסען כאָטש אויף א מינוט זיין שווערען לעבענס־קאַמפּף.

פאַר די אינטערעסען פוי זעלבסט־ערצי־הונג פון דער אידישער יוגענד, וויל איך פּרובען געבען די לעזען פון דער „צוקונפט" א רייה בילדער, וואָס כאַראַקטעריזירען די אידישע פאָלקס־שאַפונג אין דער פּערזאָן פון איהרע שטאַרקסטע, אָריגינעלסטע פּערשטעהער. איך וועל נעהמען די עפּאָכע, וואָס שטעהט אויף'ן

גרענעץ צווישען דער אַלטער אונגעקינסטעלטער פאָלקס־שאַפונג און דער נייער ליטעראַרישער דיכטונג. ווייל אָט די עפּאָכע איז אונז נעענטער און די נעמען פון איהרע פאָלקס־דיכטער זיינען דעם לעזער ניט פרעמד, כאָטש דער אינהאַלט פון זייער שאַפונג און די ראָלע וואָס זיי האָבען בכלל געשפּיעלט אין אידישען לעבען איז א סך לעזער גאַנץ ווייניג בעקאַנט. דאָס איז די עפּאָכע פון׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט, אָדער, ריכטיגער געזאָגט: די לעצטע העלפט פון׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט.

די נעמען פון די פאָלקס־דיכטער, מיט וועלכע איך וויל זיך פערנעהמען אין מיינע פאָלקלאָריסטישע שילדערונגען, זיינען: בערל בראָדער, וועלוויל זבאַרזשער, צונזער, גאָלדפאַדען, מיכל גאָרדאָן, פּסח אליהו דער בדחן און גאָטליב, דער גאַליציאַנער־אונגאַרישער בדחן. די לעצטע צוויי זיינען דעם אַמעריקאַנער־ און רוסיש־אידישען לעזער כמעט אין גאַנצען אונבעקאַנט. אונדעסען פערנעהמען זיי א וויכטיגען פּלאַץ אין דער אידישער פאָלקס־דיכטונג. פון די אַלע דערמאָהנטע פאָלקס־דיכטער איז נור איינער, גאָטליב, נאָך ביים לעבען. דער אויטאָר פון אָט די ציילען האָט געהאַט מיט א יאָהר צוריק די געלעגנהייט און דעם פערגניגען, אויף זיין רייזע איבער אונגאַרן, מיט אָט דעם אַלטען, כמעט 90־יאָהריגען, בדחן צו פערברענגען. דער אַלטער גאָטליב דערלעבט אָבער געוויס זיינע לעצטע יאָהרען און מיט איהם וועט זיך ענדיגען די מערקווירדיגע קייט פון די בעריהמטעסטע אידישע פאָלקס־זינגער, וואָס זיינען צוזאַמען דערמיט אויך געוועזען מוטיגע פאָלקס־קעמפּפער, פאָלקס־העלדען אויף זייער שטייגער.

איך וועל אָנהויבען פון בעריל בראָדער. אַלס דיכטער איז ער געוועזען פיעל שוואַכער פון די איבריגע. ער איז אָבער אויך געוועזען טיעף אָריגינעל, זיינע ליעדער זיינען זעהר אינטערעסאַנט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט. אין זיי, מעהר ווי אין די ווערק פון אַנדערע בדחנים און פאָלקס־זינגער, שפּיעגעלט זיך אָב דאָס לעבען פון די סאַמע אונטערשטע שיכטען פון׳ם פאָלק, פון די אָרימסטע, דערשלאָגענסטע מאַסען. א חוץ דעם איז בעריל בראָדער געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט פעראייניגט אין זיין פּערזאָן אי דעם זינגער, אי דעם שוישפּיעלער. אויף אַזאַ נ׳אופן איז ער געוועזען, אויב ניט דער טאַטע פון׳ם אידישען טהעאַטער, איז דער טאַטע, דער פּראָטאָטיפּ, דער פאָרלויפער פון דעם אידישען אַקטיאָר.

בעריל בראָדער איז טאַקע געבאָרען געוואָרען און האָט פערלעבט זיין יוגענד אין בראָד. דאָס איז געוועזען אין יענער צייט, ווען בראָד האָט גע׳שם׳ט אויף דער וועלט מיט איהר מסחר, מיט איהרע עשירות, מיט איהר יחוס, לומדות און השכלה. בראָד האָט דאַמאָלס דערלעבט די לעצטע יאָהרען פון איהר גדולה. אָט די בעריהמטע ירושלים פון גאַליציען איז געשטאַנען פאַר איהר עקאָנאָמישען חורבן. אָבער אין בעריל בראָדער׳ס קינדהייט און יוגענד, האָט זיך נאָך דער חורבן ניט געפיהלט. בראָד האָט געלעבט רוישיג און פרעהליך. די אָנגעפאָהרענע סוחרים פון רוסלאַנד האָבען ליעב געהאַט צו פערברענגען די צייט, טרינקען א גלעזעל וויין, און, בשעת מעשה, הערען א שעהן ליעד, א קלוג ווערטעל. דער נאָכפרעג האָט אַרויסגערופען דעם אָנבאָט. אין גיכען האָבען זיך בעוויזען די בעריהמטע בראָד׳ער זינגער, בעריל בראָדער׳ס קאָמפּאַניע, וואָס זיינען בעשטאַנען כמעט אַלע פון בדחנים און משוררים ביי חזנים. זייער עובדא איז געווען צו אקאָמפּאַנירען בערלען אין זיינע ליעדער־פאָרשטעלונגען, וואָרים בעריל בראָדער האָט זיינע ליעדער ניט בלויז געזונגען, נור ער האָט זיי אויך פאָרגעשטעלט סצעניש און צוטיילט די ראָלען צווישען זיך און זיין טרופּע.

נור איך וויל ניט פערלויפען אַפריהער. בעריל — זיין פאַמיליען־נאָמען איז געווען מאַרגאָלים — האָט געלערנט אין חדר ביז 16 יאָהר. געקענט „תנך“, העברעאיש, אַביסעל השכלה. זיינע עלטערען זיינען געווען פערמעגליכע באַלעבאַטים. פּלוצלונג האָט זיך אָבער א דרעה געטהאָן די רעדעל. בעריל׳ס פאָטער איז געשטאָרבען. די מוטער איז געבליבען מיט א פעקעל קינדער אָהן מיטלען צום לעבען. מ׳האָט געמוזט זעהן ביסלעכווייז פון די קינדער מאַכען א תכלית. און א תכלית האָט געהייסען, אָבגעבען די קינדער צו באַרשטעריי, דאַמאָלס דער געהויבענסטער פאַך אין בראָד. אמת, די חזיר־האָר־באָרשטעריי איז דאַמאָלס, אַזוי ווי איצט, געווען א שווערע און שעדליכע אַרבייט, אָבער דער פעהיגער באַרשטער האָט געהאַט די האָפנונג צו ווערען מיט דער צייט אַליין א סוחר פון חזיר־האָהר, עפענען א באָרשטעריי, פאָהרען אין ניזשני נאָך די רויהע סחורה און דערנאָך אין לייפּציג אויסברייגגען די געבאָרשטענע.

און בערלען האָט מען טאַקע אָבגעגעבען צו א באַרשטער.

ביי דער אַרבייט האָט בעריל ליעב געהאַט צו זינגען. ער האָט געהאַט א שעהנע שטים. דערצו האָט ער, פון זיך אַליין, זיך אויסגעלערנט שפּיעלען וויאָלין און פלעגט, זינגענדיג אין א פרייע צייט צווישען קאָמפּאַני, זיך אַליין צושפּיעלען. ער איז געווען א שעהנער יונג, געהאַט א נאָמען פון אַן אויפגעקלערטען, געטראָגען לאַנגע האָהר, געגאַנגען קורץ געקליידעט. האָט צו יעדער זאַך געהאַט א גראַם און א ווערטעל, און מ׳האָט איהם גערופען בעריל דער ווערטעל־זאָגער.

זיינע ערשטע ליעדער פלעגט בעריל זינגען און פאָרשטעלען טאַקע אין דער באָרשטעריי

גופא, זיצענדיג אָדער שטעהענדיג ביי דער אַר־ביט, פּאַר זיינע חברים, די מיטאַרבייטער, וועלכע פלעגען שטאַרק הנאה האָבען דערפון.

אז בעריל האָט שוין געקענט גוט די אַר־ביט, האָט ער און זיין פאַמיליע בעשלאָסען, אז ס'איז צייט חתונה צו האָבען און שטעלען זיך אויף אייגענע פיס.

ער האָט טאַקע געטהאָן א שדוך פון פּאָד־קאַמיען, א שטעדטעל ביי בראָד, גענומען אביסעל נדן און געוואָרען אליין א סוחר פון חזיר־האָהר. נור דער „אַרטיסט" מיט'ן „סוחר" האָבען ניט געקענט צוזאַמען לעבען רוהיג אין איין פּערזאָן. און בעריל פערבייט אין גאַנצען די חזיר־האָהר אויף דאָס ליעד. זייענדיג פון דער נאַטור א פרעהליכער יונג האָט ער, מיט זיינע ווערטלאַך און גראַמען, שטענדיג געצויגען ארום זיך לוסטיגע קאָמפּאַניעס. יעדער איז גערן און גרייט געווען צו הערען זיינע ליעדער און צו זעהן, ווי ער שטעלט זיי פאָר. רבנים פלעגען איהם איינלאַדען צו זיך צום טיש ער זאָל זינגען חזנ'ישע זאַכען. ביי גבירים און פערמעגליכע באַלעבאַטים איז געווען א גרויסע זאַך, ווען זיי פלעגען אריינקריגען בערלען, ער זאָל זיי זינגען, צושפּיעלען און פאַרשטעלען זיינע ליעדער אין פערזאָנען. איינער, א אידישער פריץ, דוד סטאַהינער, וואָס האָט געוואוינט אין א הויף ביי ביסק, מזרח גאַליציען, האָט איהם געהערט זינגען, האָט ער איהם איינגעלאַדען צו זיך און איז אַזוי נתפּעל געוואָרען פון זיין ליעד „דער גרעבער" (איינס פון די בעסטע בעריל'ס ליעדער), אז ער האָט איהם געשענקט האַלץ אויף א שטוב און אָבגעפיהרט די געהילץ מיט זיינע אייגענע פערד.

ניר בעריל האָט ניט געקענט איינזיצען אין שטוב, אין זיין אומעדיגע שטעדטעל פּאָד־קאַמיען. עס האָט איהם געצויגען אין דער וויטער, ברייטער וועלט, צו א לוסטיגען וואַנ־דער־לעבען. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט א קאָמפּאַניע פון זיך מיט נאָך צוויי זינגער — אפרים און קאָוקע — ביידע משוררים ביי חזנים. דער ערשטער איז נאָך דערצו געווען א שניידער. דאָס איז געווען די ערשטע טרופּע פון אידישע אַקטיאָרען, וואָס האָבען נאָך דער־ווייל געהאַט א קנאַפּע השגה פון טהעאַטער, פון א סצענע, פון דראַמע און קאָמעדיע. זיי האָבען בלויז פאַרגעשטעלט איינצעלנע סצענען, האָבען, אַזוי צו זאָגען, דעמאַנסטרירט דאָס אידיש ליעד אין פערזאָנען. אָבער אין דער איינצעלנער סצענע, אָדער איינצעל־כאַראַקטער־שילדערונג האָט יעדער פון די דריי געהאַט זיין ראָלע, און די וויכטיגסטע ראָלע האָט גענומען בעריל אַליין.

אז בעריל בראָדער האָט אין זיך ווירקליך פעראייניגט דעם בערוף פון א פאָלקס־זינגער מיט דעם טאַלאַנט פון א מימיקער־קינסטלער, בעווייזט פאָלגענדער פאַקט, וואָס זיין זוהן, וועמען איך האָב צו פערדאַנקען דעם מאַטעריאַל צו זיין פאָטער'ס כאַראַקטעריסטיק, האָט מיר איבערגעגעבען.

אמאָל, דערצעהלט מיר בעריל בראָדער'ס זוהן, האָט זיין פאָטער געפיהלט זיך עפּעס אומעטיג אין שטעדטעל און האָט געוואָלט אָב־טהאָן א שפּיצעל. ער האָט געהאַט א שוואָ־גער, פייוועל דער מאַנטשער, ד. ה. דער מעהל־הענדלער, זיין ווייבס שוועסטער'ס מאַן. פייוויל דער מאַנטשער איז געווען א פייערדיגער בעל־זעל חסיד. פון דעסטוועגען האָט ער ליעב געהאַט צו הערען בעריל'ס א ליעדעל און שמועס'ן מיט זיין שוואָגער וועגען דעם, וואָס יענער האָט געזעהן און געהערט אין מרחקים. א מאָל מאַכט בעריל צו זיין ווייב:

— הער, פרומע, וואָס ס'טע זאָגען, א שטייגער דערצו, אז איך וועל מאַכען נאָך א פייוועל?

בעריל'ס ווייב, פרומע, איז געווען א פשוט'ע אידענע, א וואויל געלערענטע אין פרומע ספרים. זי האָט ניט געהאַלטען פון בעריל'ס ליעדלאַך און איז געווען אונצופריעדען, וואָס ער האָט געביטען די חזיר־האָהר־ביזנעס, פון וואָס ער האָט געהאַט פּרנסה בכבוד, אויף די זינגעריי. נור ווי אַן עהרליכע אידישע טאָכטער און א טרייע ערגעבענע ווייב האָט זי זיך אונטערגעגעבען איהר שיקזאַל און ניט געזאָגט קיין דעות דעם מאַן.

— וואָס הייסט נאָך א פייוויל? — האָט זי אויסגעשטעלט אויף דעם מאַן א פּאָר אויגען.

— קוק און שוויג — זאָגט בעריל — דו וועסט שוין זעהן. און א מאָל, א שבת צו נאַכט, אז פייוויל מיט זיין ווייב קרעסיל זיינען געקומען צו בערלען אביסעל פערברענגען די צייט, האָט זיך בעריל ארויסגעמאַכט פון שטוב אויף עטליכע מינוט און איז אריין צוריק. באַלד דערויף איז אריין א שכנה און גערופען קרעסיל אהיים, עפּעס א נויטיגע זאַך. קרעסיל האָט אָנגעטהאָן א פאַציילע און האָט זיך געלאָזען „אויף א מינוט" אהיים. דער מאַן פייוויל איז געבליבען וואַרטען.

פייוויל איז געווען א הויכער איד מיט א הארבאַטער פליציע, האָט שטענדיג געהוסט, גערעדט הייזעריג, בשעת הוסטען פלעגט ער ארויסשטעלען דעם צונג, ווי א מולטעריל.

אז קרעסיל איז געקומען אהיים, האָט זי געזעהן, דורך א שיין פון דרויסען (אין שטוב איז געווען פינסטער), אז ביין אויוון שטעהט פייוויל און הוסט. זי האָט זיך אין פלוג דער־שראָקען. באַלד האָט זי זיך אָבער בערוהיגט, רעכענענדיג, אז אַלענפאַלס איז זי דאָך ניט אַליין אין שטוב, און די בעסטע זאַך איז טאַקע צו פרעגען פייוולען גופא, ווי אַזוי ער קומט

אַהער, ווען זי האָט איהם נור־וואָס געלאָזען ביי בערלען. און צווישען איהר מיט פייוולען האָט זיך פערפיהרט אַזאַ געשפּרעך:

ק ר ע ס י ל: פייוויל, דו ביזט דאָס?

פ י י ו ו י ל: אוודאי איך, ווער דען?

ק ר ע ס י ל: ביזט דאָך געבליבען דאָרט ביי פרומען.

פ י י ו ו י ל: קבע, קבע... האָסט ניט געזעהן... קבע... ווי איך בין אַרויס... קבע... קבע!... באַלד נאָך דיר? מיר זיינען דאָך... קבע!... געגאַנגען צוזאַמען...

ק ר ע ס י ל: וואָס־זשע זיצסטו אין דער פינסטער?

פ י י ו ו י ל: מאַך ליכט.

קרעסיל האָט געמאַכט ליכט און האָט ניט בעמערקט, ווי פייוויל שטעהט עפּעס צו איהר מיט אַ זייט און בעהאַלט דעם פּנים אין שאָטען. דערנאָך איז זי אַרויס אויף אַ פּאָאַר ווערטער צו דער שכנה. אַריין צוריק. מאַכט צו איהר פייוויל:

— לאָמיר געהן צוריק צו פרומען.

— לאָמיר געהן — איז מסכים קרעסיל.

פייוויל האָט געלאָזט זיין ווייב אַ פריהער. ער געהט פון הינטען און הוסט אונטער: קבע... קבע!...

קרעסעל עפענט די טהיר. אַ דערשטאָרבענע איז זי געוואָרען.

וואָס איז דאָס? צוויי פייוולאַך! איינער פאַר איהר זיצט אויפ'ן באַנק, לעבען טיש, וואו זי האָט איהם געלאָזען און הוסט אונטער: קבע... קבע!... און נאָך אַ פייוויל, הינטער איהר, הוסט אויך: קבע... קבע...

נור דאָ איז מאָמענטאַל דער הינטערשטער פייוויל פערוואַנדעלט געוואָרען אין בערלען.

— שרעק זיך ניט, שרעק זיך ניט, האָט בעריל איהר בערוהיגט. ס'איז גאָר נישט... אַ ליצנות... דיין גליק, וואָס ניט ביי נאַכט... ס'האָט געקאָנט עפּעס אַרויסקומען...

בעריל איז געווען ביי אַלעמען זעהר בעליעבט. איבערהויפּט ביי די מאַסען. ער האָט אין זיין איין פּערזאָן פּעראייניגט פיער בערופען: פון אַ זינגער, פון אַ מאָראַל־פּרעדיגער, פון אַ ווערטעל־זאָגער און אַן אַקטיאָר. האָט ער געזונגען וועגען אַ בעקער, איז שוין געווען ביי איהם פערקאַטשעט די אַרבעל, פערדרעהט דער בריליק אָן אַ זייט, אַ קאָטשערע, אַ לאָפּעטע איז געווען גרייט אין יעדער אידישער שטוב, און פאַר דעם עולם איז געשטאָנען אַ לעבעדיגער בעקער, וואָס האָט געקנאָטען לעבלאַך ברויט און געשאַרט זיי מיט דער לאָפּעטע אין אויווען. קיין גרים, קיין אויסערליכע דעקאָראַציע האָט בעריל ניט געהאַט נויטהיג. האָט ער געדאַרפט פאָרשטעלען אַ שדכן, אַ מלמד, אַ שמש און נאָך אַזעלכע טיפּען, האָט זיין מימיק זיי בעשאַפען אין איין מינוט. די אויסערליכע דעקאָרירונג זייערע, אַ שטייגער יוי אַ שטעקען מיט אַ לאַמטערן, אַ רויטע פּאַטשיילקע מיט אַ פושקע טאַבאַק, אַ פּאָר שפּאַקולען אויפ'ן שפּיץ נאָז, שטיקלאַך וואַטע אין די אויערן, אַ פערשמאָלצעוועטע יאַרמאָלקע מיט אַ צופּלינקע, אָט די און נאָך אַזעלכע „מטלטלים" זיינען, ווי געזאָגט, געווען גרייט אין יעדער אידישע שטוב און דער אימפּראָוויזירטער (אָהן־הכנות'דיגער) טהעאַטער איז געווען פאַרטיג אומעטום און צו יעדער צייט.

אויף חתונות האָט בעריל קיין מאָל ניט געשפּיעלט. זיין אַרויסטריט, פריהער אַליין, דערנאָך מיט די „בראָדער זינגער", איז געווען נור אויף היימישע אַבענדען, הוליאַנקעס, שפּעטער אין רעסטאָראַנטען, קאַפּע־הייזער.

פערדיענט האָט בעריל געשמאַק. נאָך די ערשטע צייט, ווען ער פלעגט אַרויסטרעטען אַליין, אָהן חברה, האָט ער נור געדאַרפט אוועקשטעלען אַ טעלער, איז באַלד געוואָרען אַ פינף, זעקס רייניש, און יענע צייטען גענוג פאַר צוויי וואָכען אויף דער הוצאה.

דער לייכטער פערדיענסט, דער וואַנדערלעבען, די קאָמפּאַניע פון לוסטיגע משוררים־יונגען האָבען געהאַט אַ פערדערבליכע ווירקונג אויף בעריל בראָדער. ער פלעגט אויף יאָהרענלאַנג פערפאַלען ווערען. זעלטען שיקען דער ווייב אַ בריוועל. ניט אָפט דערמאָהנען זיך אונטערשיקען איהר אַ פּאָר רייניש אויף דער הוצאה. ער האָט האָלדט געקריגען דעם טרונק און אַ פרעהליכען לעבען.

אַמאָל, נאָך אַ צוויי־יאָהריגען אומוואַנדרעווען מיט זיין קאָמפּאַניע איבער דער וועלט, איז ער ענדליך אָנגעקומען אַ הייט ערב פּסח נאָך וואַרימעס. געקומען אַ היים אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער אויף דער הארץ. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ זעקס, זיבען הונדערט ריינישׁ. אַ האַלב יאָהר איז ער אָבגעווען אין דער היים. די ווייב האָט איהם צערטליך געפּלעגט. די משפּחה און פריינד זיינען צוגעשטאַנען צו איהם: ער זאָל מעהר ניט וואַנדרעווען איבער דער וועלט. בעריל האָט צוגעזאָגט. קוים איז ער אָבער בעסער געוואָרען, האָט איהם אָנגעהויבען ציהען ווידער צו זיין לוסטיגען, פרעהליכען וואַנדער־לעבען. די ווייב האָט זיך אָנגעהויבען בעטען: זי וועט אַליין האָרעווען, טאָן אַלץ, איהם לייכטער צו מאַכען, אבי ער זאָל בלייבען און לעבען, ווי אַלע אידען לעבען. נור בעריל האָט גע'טענה'ט: ס'איז איהם אומעטיג אין דער קליין שטעדטעל, ער קען דאָ ניט לעבען. איז געבליבען ער זאָל פאָהרען אין בראָד און זוכען דאָרט וואָס צו טהאָן.

אין בראָד איז ער אַריינגעפאַלען אין דעם קרייז פון זיינע גוטע בריעדער, און, גאָר נישט אָנזאָגענדיג אַהיים, האָט ער זיך מיט זיי ווידער אוועקגעלאָזען איבער דער וועלט. פון יאַ־

סי (רומעניען) האָט ער דער ווייב געשיקט אַ בריעף מיט געלד, געבעטען איהר זי זאָל איהם מוחל זיין. ער האָט געמוזט אוועק. אין בראָד איז נישטאָ וואָס צו טהאָן. „פון דאמאָלס אָן“, — דערצעהלט מיר זיין זוהן — „האָבען מיר איהם מעהר ניט געזעהן“. נאָך דעם בריעף האָט מען א האַלב יאָהר פון בערל’ען גאָר נישט געהערט. דערנאָך איז ווייטער אָנגעקומען פון איהם א בריעף מיט געלד, און פון דאַן אָן איז פון איהם פערפאַלען געוואָרען יעדע ושפור. אין א דריי יאָהר ארום איז געקומען אָן אָרימאַן, פון די וואַנדער־בעטלער, און פּאָדקאמיען, און האָט דערצעהלט אין שטעדטעל, אז בעריל בראָדער איז געשטאָרבען אין פליעשטש, א קליין שטעדטעל אין רומעניען. באַלד האָט זיך פערשפּרייט א קלאַנג, אז בעריל בראָדער איז ניט געשטאָרבען מיט זיין נאַטירליכען טויט. פון טרינקען א סך האָט ער פערלאָרען זיין קול. און זיין קאָמפּאַניע, וואָס האָט געוואָלט פון איהם פּטור ווערען, האָט איהם גע’סם’ט.

נור בעריל’ס טויט האָט דער קאָמפּאַניע קיין מזל ניט געבראַכט. די צוויי משוררים זיינען אומגעפאָהרען נאָך עטליכע יאָהר. געזונגען אויף התונות. איינער פון זיי, אפרים, איז געקומען צוריק אין בראָד און געשטאָרבען אָן אָרימאַן.

בעריל בראָדער האָט אָנגעשריעבען פאַר זיין לעבען א סך ליעדער. נור געדרוקט האָבען זיינע פריינד — ערשט נאָך זיין טויט — א גאַנץ קליינעם טהייל פון זיי — ניט מעהר ווי 30. דעם אויסדרוק געשריעבען דאַרף מען ניט אָננעהמען ערנסט. דאָס רוב פון זיינע ליעדער האָט בעריל פערקלעהרט און געזונגען אויפ’ן אָרט, אָהן שום הכנות. געזונגען און דערמיט גע־פטר’ט. א ליעד איז ביי איהם פארטיג געוואָרען אין עטליכע שעה. גאַנץ אָפט אין עטליכע מינוט. אמאָל האָט זיך אָן איהם מתקנא געווען איינער פון די בראָדער בדחנים — נפתלי גראַמענזאָגער — און האָט בערלען ארויסגערופען אויף א דועל. נאַטירליך האָבען ביידע בדחנים געשאָסען ניט מיט פּיסטאָלעטען, נור מיט — גראַמען. דער דועל האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. געזיעגט האָט ב ע ר י ל.

פון דעם קליינעם ביכעל ליעדער פון בעריל בראָדער קען מען ניט האָבען קיין גענוי פאָרשטעלונג פון בעריל’ס טעמעס און זיין טאַלאַנט. געדרוקט איז, ווי געזאָגט, א גאַנץ קליינער טייל, און די זיינען צופעליג געזאַמעלט. בעריל בראָדער’ס אונגעהייערע פּאפּולאַריטעט אין זיין צייט, און אפילו נאָך איצט, צווישען די גאַליציאַנער, רומענישע און פּוילישע אידען שטימט ניט מיט דעם ווערטה פון דעם ביכעל ליעדער, וואָס איז פון איהם געבליבען. צווישען די פערלאָרען־געגאַנגענע ליעדער האָבען, אָהן א ספק, געמוזט זיין א סך בעסערע פון די וואָס זיינען צופעליג פערשריבען און געדרוקט געוואָרען נאָך זיין טויט. דאָך איז אפילו אָט דאָס ביסעל געראַטעוועטע ליעדער זעהר אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּערזענליכקייט פון בעריל בראָדער, פאַר דער צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט. זיי וויזען אונז, אַז אָט דער עלטעסטער בעדייטענדער אידישער פאָלקסזינגער פונ’ם פאָריגען יאָהרהונדערט און פאָרלויפער פון די אידישע אַקטיאָרען, האָט פערנומען א גאַנץ אָרענטליכען פּלאַץ צווישען די איבריגע פאָלקס־דיכטער: צונזער, גאָלדפאַדען, זבאַרזשער און אנדערע. ווערענד צונזער און גאָלדפאַדען זיינען מעהרסטענס געווען נאַציאָנאַלע פאָלקסזינגער, ווערלוויל זבאַרזשער מעהר קאָסמאָפּאָליט, מעהר זינגער פונ’ם וועלטשמערץ, איז בעריל בראָדער געווען אין דעם פּשוט’ן זין פונ’ם וואָרט א פּראָלעטאַרישער זינגער. זיינע טעמעס זיינען במעט דורכאויס סאָציאַל־עקאָנאָמישע. ער זינגט נור פון אידישע אָרימקייט און נויטה. ער בעקלאָגט אלע אידישע פרנסות. דאָס שטימט פאָלקאָם מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די בראָדער אידען אין זיין צייט. אזוי ווי ירמיה הנביא האָט איבערגעלעבט דעם פּאָליטישען חורבן פון זיין לאַנד, האָט בעריל בראָדער איבערגעלעבט דעם עקאָנאָמישען חורבן פון זיין שטאָדט. פון א פרנסה־שטאָדט איז בראָד געוואָרען א שטעדטעל פון אָרימע לייט.

אינטערעסאַנט איז, אז בעריל בראָדער בעזינגט אין זיינע ליעדער ניט סתם אידישע פרנסות און מלאכות, נור די ספּעציפישע אידישע; אַזוינע, וואָס ביי גוים זיינען זיי ניטאָ, אָדער, וואָס ביי אידען האָבען זיי א בעזונדער כאַראַקטער. א שטייגער: א שינדעל־שלעגער (טישעסלער, דאַך־דעקער), א פּעקעלמאַכער (גרענעיץ־שוואַרצער, קאַנטראַבאַנדיסט), א טויטען־גרעבער (קברות־מאַן), א שמש, א בעהעלפער, א מלמד, א שדכן, א חזן, א בעל־עגלה, בעל־דרש’ער, וואַרטאָוניק, וואַסער־טרעגער, א. אז. וו. אפילו א וואָכערניק בעקלאָגט ער. דאָס איז אויך א ביטערע פרנסה אין דער אידישער גאַס. אָט די אלע טיפּען שטעהען פאַר אייך, ווי לעבעדיגע, אין בעריל בראָדער’ס ליעדער. זיין פערז וויים ניט פון קיין שום מעטער. פון פּאָעטישען שטאַנדפּונקט מאַכען זיי, דאַכט זיך, אויף אייך קיין שום איינדרוק ניט. אפילו דעם אונרעגעלמעסיגען מעטער פון דעם גאָר אַמאָליגען פאַר־בדחנ׳ישען פאָלקסליעד האָבען זיי ניט. דאָס איז פּשוט געגראַמטע פּראָזע. אזוי דאַכט זיך אייך, ווען איהר לעזט זיין ליעד פון אויבען אויף. קוקט איהר זיך אָבער אריין אין די ליעדער אויפמערקזאַמער, איז אייך אונמעגליך ניט צו בעמערקען אין א גרויסען טייל פון זיי, דאָ און דאָרט, א שטריך, א פּאָר שטריכען, וואָס מאַ־

כען דאָס ליעד לעבעדיג, בעשאַפען דערפון א בולט'עס בילד, וואָס שטעהט פאר א'יערע אויגען, בעוועגט זיך און רעדט צו אייך. בעריל בראָדער בעזיצט ניט די פעהיגקייט פון א מאַלער, וואָס מאָלט רעגעלמעסיגע רונדע פאָרמען. כמעט אלע זיינע בילדער, אין גאַנצען גענומען, זיינען האמעטנע, צוקאַליעטשעטע, קינדערשע פאַטשקעריי. אָבער אין א קינדיש־אָנגעוואָרפענעם פאָרטרעט בעמערקט איהר א מאָל א שטיק לעבען, א פאָלקאָם לעבעדיגע בריאה, און די לעבעדיגקייט שטאַמט ניט פון די רעגעלמעסיגע, נאָך אַלע כללים פון דער מאַלערישער קונסט אויסגעארבייטע ליניען, נור פון עטליכע פינטעלאַך, פאַסקעס אריינגעוואָרפען אין א פאָר ערטער דורך קינדישע אינטואיציע, וואָס איז אמאָל שטאַרקער פון אלע קונסט־טעאָריעס. פונקט אזוי בעמערקט איהר אויך ביי בעריל בראָדער. ניט קוקענדיג אויף דער צוקאַליעטשעטער שפּראַך, אויף די צוואָרפענקייט פון פערז און, אָפט אפילו, זינדיגקייט פונ'ם גראַם, האָט איהר אין זיינע ליעדער א גאַנצע רייהע לעבעדיגע טיפּען, וואָס מאַכען אויף אייך א טיעפען איינדרוק מיט זייער קרעפטיגער נאַטירליכקייט.

א לעבעדיגער שטעהט פאר אייך דער „מלמד" מיט זיינע צרות: דער אינגעל האָט

„אַ פערשטאָפּט מוח'ל,
טהוט מיר אין בויך שניידען..."

ס'איז שוין מיטוואָך ביי נאַכט און די קינדער שטעהען נאָך אויף איין אָרט. דאָנערסטאָג איז דער יום־הדין ביי דעם מלמד. א גאַנצע וואָך „געהאַקט האָלץ" און די קינדער ווייסען נאָך גאָר נישט. ביי דעם מלמד שטאַרבען אָב די גליעדער, ווארום ער דערמאָנט זיך, אז אויף שבת איז גאָר נישטאָ. שבת איז ביי אלע אידען רוה, ביי דעם מלמד דער שרעקליכסטער טאָג. ער דאַרף געהן פערהערען די קינדער צו זייי אהיים. דעם טאַטען געפעלט ניט א טייטש, אָדער

„דאָס אינגעל שרעקט זיך נאָך,
טהוט ער די ווערטער איבערקעהרען,
איז טויט די שבירות פון דער גאַנצער וואָך.

דער בעלפער האָט זיין אויפגאַבע ניט בלויז צו פיהרען די קינדער אין חדר און פון חדר, נור ער דאַרף אויך פאָלגען די קינדערשע מאַמעס אין דער היים ביי זיי, אונטערהעלפען ביי פערשיעדענע מלאכות אין קיך, איבערהויפּט אן ערב שבת און ערב יום טוב. טרעפט אָבער, אז דער בעלפער איז א מענש מיט אמביציע און

שעמט זיך צו רייבען כריין,
אָדער צו געהן קוילען די עוף,
טהוט מען מיר מיינע יאָהרען דערגעהן
און איך האָב דעם ערגסטען סוף.

דער „שדכן" האָט זיינע צרות. איז פארטיג איין צד, וויל ניט דער אנדערער צד, טרעפט

א כלה א יתומה
כאָטש זי האָט וועניג מעות,
איז איטליכע אידענע איהר מוהמע,
און אלע ווייבער זאָגען דעות.

אן ארימער שדוך איז ביטער, א רייכער איז נאָך ערגער: עס טשעפּען זיך צו די מחותנים'ס אָרימע קרובים, „רייסען אָב שדכנות געלד, בלייבט ער נעבאַך אויסגעשטעלט." שוין מיט גרויס מאַטערנעס אויפגעפיהרט מחותנים, חתן־כלה אויך געפעלען, איז דאָ א נייע צרה: די כלה הייסט דער שוויגערס נאָמען...

נאָך מעהר פונ'ם שדכן האָט דער „שמש" צרות: מילא וואָס ער דאַרף אויפשטעהן פאר טאָג וועקען דעם עולם „לעבודת הבורא", איז נאָך א האַלבע צרה. טרעפט אָבער, אז, נאָך ניט גוט אויסגעצוכעט פונ'ם שלאָף, קלאַפּט ער ניט אין רעכטען לאָדען און כאַפּט דערפאר א „מי שברך", אָדער טאַקע א קלאַפּ פון א גוי. אין אן אנדער אָרט, וואו ער האָט געקלאַפּט אין לאָד, איז גאָר יענער באַלעבאָס געקומען אהיים שפּעט ביי נאַכט א שכור. האָט ער פערשלאָפען דעם שמש'ס קלאַפּען און שרייט דערנאָך אויף איהם למאי ער האָט איהם ניט געוועקט. זיין געהאַלט האָט דער שמש, ווי בעוואוסט, פון דער פושקע, מיט וועלכער ער געהט ארום איבער די שול־לייט אלע דאָנערסטאַג. מאַכען זיך אָבער א סך באַלעבאַטים ארויס. איינער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ניין; דער צווייטער זאָגט אָפען ארויס: ער האָט ניט. דער עושר האָט גראַדע „פּריאַלען", ס'הייסט אימפּעריאַלען.

אויף חתונות אויף ברית'ן צו געהן,
שיקט מען מיך ארום בעטען,
כאָטש יענער וויל נישט געהן,
טאָר איך ניט אָבטרעטען.

איינער וויל ניט געהן, דער צווייטער מאַכט זיך קראַנק און דעם דריטען האָט ער גראָד פערגעסען. שרייט מען: דורך דעם שמש האָבען מיר נישט קיין דרשה־געשאַנק, דערוואַרגען זאָל ער זיך מיט דעם עסען...

אַז עס קומט פאַר טאָג צו סליחות, „האָבען דעם שמש'ס פיס ניט קיין שפּאָר: דער גבאי וואוינט ביי אל די רוחות און דער חזן ביי אל די שוואַרץ יאָהר".

פרייטאג א זייגער פיער מוז ער שוין זיין אין שוהל. ארומשוועבען ווי א רוח און ווייס ניט, וואָס פריהער צו כאַפּען. „דאָ שמעלצט פון ווינט א ליכט, דאָרט האָט א שייגעץ דעם עירוב צוריסען; שיטען זיך שוין קללות אויפ'ן שמש: דער וואַרגען זאָל ער זיך מיט'ן ביסען."

ניט בעסער איז דער מזל פונ'ם „חזן". ער מעג

זינגען ווי וואויל,
מאַכט חזק פון איהם א בלאַזען*),

*) אַן אונוויסענדער, אַ גאַרנישט.

ווּעמען קען ער פֿערמאַכען דעם מויל?

. . . .

זינגט ער אויף נאָטען,
ווערען חסידים אונטערגעזאָטען...
אַנדערע שרייען:
אז ער קוקט צו די ווייבער ארויף.
מיינט איהר דעם „בעל־דרשער“ איז גוט?
א טעות. עס איז ניט קיין לייכטע זאַך זאָגען פֿאַר א רבים. מ'דאַרף שפּירען יעדענ'ס מינע. „געהען עטליכע אוועק אין מיטען — ציטערט די האָר פֿאַר פּחד“. אַנדערע זיינען חושד, אז די תורה איז ניט זיינע, נור געגנאַשטע“. הויבט ער אָן נאָכ'ן זאָגען, אַרומצוגעהן מיט דער פּאַציילקע איבער'ן שטעדטעל, זעהט ער, אַריינקומענדיג אין די הייזער, אז אנשטאַט מוסר זאָגען, האָט מען גאָר געדאַרפֿט שטעדטעל עפּעס אריינשי־קען, ווארום זיי זיינען אַלע
פֿאַר הונגער אויסגעמאָרט.

א לעבעדיג בילד גיט אונז בעריל פֿון די גזרה־התונות, אָדער די „בהלות“, פֿאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען, ווען, אין שרעק פֿאַר „רעקרוטען“ האָבען אידען זיך געאיילט חתונה מאַכען קליי־נע קינדער.

וואו מען האָט א מנין געקריגען,
האָט מען געשטעלט א חופּה,
דעם חתן האָט מען א שטריימעל געליגען,
דער כלה האָט מען אָנגעטהאָן דער באָבעס
יופּע.

„א מויד איז געגאַנגען אין מארק“, איז מען איהר „פֿערלאָפֿען איבער דעם קאַרק“ און געטהאָן מיט איהר א שדוך. „מ'האָט געפּטר'ט פֿערלעגענסטע סחורה“, „א חתן האָט מען פֿער־ביטען די כלה“, „מחותנים האָבען זיך מיט די הענד געקלאַטשט“, „דערנאָך האָבען זיך אַלע צופּאַטשט.“ „עס האָט געטויגט אויף טיסענטשו כפּרות“. פֿאַר כלי קודש איז אָבער געווען א יאַ־ריד. פֿאַר חזנים, פֿאַר דיינים איז געווען א וועלט. ווארום אין א וואָך ארום נאָך די חתונות איז מען געלאָפֿען זיך גט'ן.

בעריל בראָדער האָט כאָטש געלעבט אין גאַליציען, אָבער, ווי בעוואוסט איז בראָד אין איהר עקאָנאָמישען לעבען געווען שטאַרק פֿער־בונדען מיט רוסלאַנד, געווען כמעט א רוסישע שטאָדט, דערצו איז בעריל א סך יאָהרען אומ־געפֿאָהרען איבער רוסלאַנד, געהאַנדעלט, גע־זונגען דאָרט. בראָד האָט בכלל געטיילט אַלע פֿריידען און ליידען פֿון די רוסישע אידען. און דאָס וואָס בעריל זינגט וועגען דער גאַליצישער שטעדטעל איז פּונקט צוגעפּאַסט צו דער רוסיש־פּוילישער און ליטווישער שטעדטעל.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון בע־ריל'ס אידישע פּרנסות־שילדערונג, איז וואָס ער שטעלט זיך אָב מעהר אויף זייערע מאָראַלישע יסורים, אויף זייער באָדענלאָזיגקייט און אונ־זיכערהייט. געוועהנליך הויבט ער אָן זיין ליעד מיט די ווערטער: „איך נעבאַך אָרימער....“

און ענדיגט דאָס רוב מיט א בקשה צום זיסען גאָט, פֿון וועלכען ער טהוט איין זאַך בעגעהרען, ער זאָל פֿון זיין שלעכטער פּרנסה אויסגעלייזט ווערען. ניט זעלטען אָבער גיט ער זיך אונטער זיין שיקזאַל און „טוט פֿון דעם ליעבען גאָט בע־געהרען, עס זאָל כאָטש ערגער ניט ווערען.“ מיט אזא בקשה ווענדעט זיך צו גאָט אפילו דער אָרימאַן און דער בלינדער־בעטלער. דאָס לעצ־טע ליעד איז טיעף ריהרענד און ווערט נאָך איצט געזונגען אויף פֿערשיעדענע וואַריאַנטען פֿון אַלע בלינדע־בעטלער.

אין פֿערגלייך מיט די ספּעציפֿיש־אידישע פּרנסות און מלאכות זיינען אזוינע פּשוט'ע בעלי־מלאכות, א שטייגער ווי דער שניידער און דער שוסטער, ממש גליקליכע מענשען. און דאָס זיינען טאַקע די איינציגע אין בעריל בראָדער'ס ליעדער, וואָס קלאָגען זיך ניט אויף זייער מזל. פֿערקעהרט: זיי בעריהמען זיך, איינער פֿאַר דעם אַנדערן, מיט זייער פֿאַך. דער שניידער מיהט זיך אויפֿצואווייזען דעם שוסטער, אז נור זיין מלאכה איז די בעסטע:

אבי א מוח מיט געהירן
קען מען שוין די מלאכה פֿיהרען.
בין איך מיר א מענש א לייט
און מאַך א כוס'ע אַלע צייט.

דער שוסטער, פֿערקעהרט ווייזט אויף, אז זיין
מלאכה איז צוקער־זיס,
און א בענקעל אויף דריי פֿיס,

. . . .

אבי איך שנייד צו צו דער פּאָר,
און גרייט מיר אביסעל חזיר־האָר,
זיצען די יונגען אויף דעם בענקעל
און מאָטיקעל איז פֿול אין יעדען שענקעל.

ענדליך מאַכען זיי ביידע שלום. שטאָלץ פֿון דעם בעוואוסטזיין, אז זיי זיינען ביידע נויטהיג, אז זייער מלאכה געהט קיין מאָל פֿון מאָדע ניט אויס, זאָגט דער שוסטער גוטמוטיג צו זיין חבר:

שענד ניט מעך און שענד ניט דעך,
מיר זיינען ביידע פֿון איין צעך

. . . .

שניידעריי איז זעהר שעהן,
באָרוועס קען מען אויך ניט געהן;
לאָזען מיר לעבען ביידע גוט,
מיר וועלען טרינקען בלויז אָקוויט.

דאָס איז דאָס איינציגע פֿרעהליכע ליעד ביי בעריל בראָדער. אַלע איבריגע זיינען קלאָג־ליעדער אויפ'ן אידישען מזל. דערמיט איז אָט דער אָריגינעלער אידעשער פֿאָלקס־זינגער עהנ־ליך צו אַלע השכלה־קעמפּפֿער פֿון זיין צייט. ער ווייזט אָן, אז דער איינציגער אויסוועג פֿון דער אוננאָרמאַלער אידישער לאַגע איז דער איבער־גאַנג פֿון ווינד און כלי־קודש פּרנסות צו פּשוט־ער, געזונדער שאַפֿענדער ארבייט.

י. אַפּאַטאָש

ציגיינער

.2

עס איז געווען א הייסער נאָכמיטאָג. די היטץ האָט געטריקענט אין האַלז, געקלעפּט די אויגען, אָנגעיאָגט א פוילקייט, אַז עס האָט זיך גאָרנישט געוואָלט טהאָן, ניט טראַכטען, זיך פערקלייבען אין א שאָטען און דרעמלען.

אויפ׳ן זאַמדיגען וועג, וואָס פיהרט אין וואַלד אַריין, זיינען געשטאַנען עטליכע קליינע ציגיינערלאַך, ווי גאָט האָט זיי בעשאַפען. זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א שורה און געצילעוועט שטיינדלעך אין א לעבעדיגער וואראָנע, וואָס איז געווען צוגעבונדען צו א צווייג און הייזעריג געקראַקעט.

א רויטער, פערשוויצטער פויער, אין א גראָב לייוועגט העמד, איז אָנגעקומען פון וואַלד. דער פויער האָט געפיהרט אויף א שטריק א יונג ביקעל.

— הינטישע אמונה, אַוועק! — האָט דער פויער זיך צושריען אויף די ציגיינערלעך און אַראָפּגעכאַפּט מיט איין האַנד דעם פּאַסעק פון די הויזען. דאָס ביקעל האָט זיך דערווייל א ריס געטהאָן, דער פויער האָט זיך מיט איין האַנד אָנגעכאַפּט פאַר די הויזען, זיי זאָלען ניט אַראָפּפאַלען, און פערשוואונדען מיט׳ן ביקעל אין א וואָלקען שטויב.

פון ביידע זייטען וועג, וואו דער וואַלד איז שוין געווען אויסגעהאַקט, האָבען זיך געצויגען לייוועגטענע פּאַלאַטקעס, ווי אָבגעקאַלכטע ביהנשטאָקען. געפּענטעטע, מיטעלוואוקסיגע פערד האָבען פויל געצופּט דאָס גראָז, געשפּרונגען אויף די פאָדערשטע פיס און געהאַלטען אין איין אָביאָגען די מחנות פליגען פון אונטער די לאַנגע עקען.

נעבען דער רזשיקע איז געשטאַנען אן אַלטער ציגיינער און געצוואָגען א קליין קינד מיט שיטערען זייף. דאָס ציגיינעריל האָט געמאַכט קולות, געוואָרפען מיט די פיסלאַך. דער אַלטער האָט דאָס קינד אויפגעהויבען פאַר׳ן געקרויזטען קעפּיל און עס עטליכע מאָל אָפּגעטוקט אין וואַסער.

ניט ווייט פון די פּאַלאַטקעס האָט געקאָפּטשעט א פייעריל. איבער׳ן פייעריל זיינען געשטאַנען צוויי אייזערנע שטאַבעס, אויף וועלכע עס איז געהאַנגען א גרויסער קופּערנער קעסיל.

פון וועג איז אָנגעקומען א באָרפיסע, פערשטויבטע ציגאַנקע. פון דער פלאַכטע, וואָס איז געהאַנגען אויף איהר פּלייצע, האָט אַרויסגעקוקט א קליין ציגיינעריל מיט א פּאָאר גנב׳ישע אויגעלעך. די ציגאַנקע האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער פלאַכטע א האָהן מיט אן אָפּגעדרעהטע קעפּיל, איהם געלאָזט ליגען נעבען פייער און צוריק פערשוואונדען אין שטויביגען וועג. ארום איז געווען שטיל, דושנע, געשמעקט מיט אָבגעסמאַליעטע פעדערען.

אין דער מיט פון אן אָפענער פּאַלאַטקע איז געזעסען אן אַלטע, גרויע ציגאַנקע, ווי א אמת׳ע מכשפה, מיט איינגעצויגענע באַקען, מיט א לאַנגע, דאַרע נאָז, וואָס איז זיך כמעט ווי צונויפגעקומען מיט דער שפּיציגער גאָמבע, און געשריען:

— וואָס פאַראַ ציגאַנקע וועסטו זיין, אַז דו וועסט ניט קענען געהן אויף דער „שפּראַכאַרקע“, ניט קאָנען פערדיענען פאַר׳ן מאַן און קינדער? דער מאַן וועט דאָך דיך אויפהענגען! א מויד ווי א קאָבילע, ראָמאַנסירט מיט יונגען, נו, איז צייט זי זאָל ווערען א מענש!

אַזוי זיינען געזעסען נאָך גאָר יונגע ציגאַנקעס, געקוקט אין פונאַנדערגעוואָרפענע קאָרטען און זיך צוגעהערט ווי איינע פון זיי האָט „געוואראָזשעט“, גערעדט מיט א זיסען ניגון. דאָס האָט די אַלטע געלערנט זיי קאָרטען לייגען, געמאַכט זיי פאַר אמת׳ע ציגאַנקעס.

די ציגיינער האָבען אָבגעגעסען מיטאָג, אויפגערוימט די פּאַלאַטקעס, צוגעגרייט „וויעטשעראַ“ פאַר די ציגאַנקעס, וואָס זיינען באַגינען אַוועק אויף דער „שפּראַכאַרקע“, און זיך פערקליבען צו מאָראַלע׳ן. מאָראַלע אין זיינע ברייטע בלויע הויזען, אין אן אויסגענייט באַטיסטען העמד, איז געזעסען אין דעם אַריינגאַנג פון זיין פּאַלאַטקע אויף א לייוועגטען בענקעל און געפּיפּקעט א לאַנגען ציבעק.

טיעף אין דער פּאַלאַטקע, אין א באַרג קישענס איז געלעגען אָפּעלא.

פון הינטער א בוים האָט זיך בעוויזען א יונגער ציגיינער אין בלויזע הויזען, פערצויגען מיט א ברייטען, לאַקירטען פּאַסעק, וועלכער איז געווען אויסגעזעצט מיט ים־שקעטעלאַך. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר א דיקע צווייג פון א בוים, זיך איבערגעצויגען, אַרויסגענומען א

טאָרבע פון טאַבאַק, געמאַכט פון אַלערליי פאַרביגע שטיקלעך זיידענס, אויסגעוויקעלט א פּאַפּיראָס און צוגעגאַנגען צו מאָראַלע׳ס פּאַלאַטקע:

— זיי האָבען דאָך אַפילו די געשטופּעלטע ראָמאַ פערבעטען.

— ווער? — האָט זיך אַן אַלטער ציגיינער געפרעגט.

— די געשוואָלענע.

— ס׳אַרע געשוואָלענע?

— מיר ווענען ניט לאָזען! — איז א ברייטביי־ניגער ציגיינער אריין דעם יונגען אין די רייד.

— געוויס ניט! — האָט א דריטער זיך אָנגערופען.

— איהר האָט שוין אָנגעמאָהלען אויף דריי וועגען —האָט מאָראַלע געזאָגט און ארויסגעלאָזט א מויל רויך — און כ׳וויים ניט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, רעדט מענשען זאָלען פערשטעהן.

— אָט וועגען וואָס — האָט דער ברייטביי־ניגער געענטפערט און זיך אַזש אויפגעשטעלט — די קופּער־שמיעדען האָבען נעכטען פאַרבעטען אונזערע ציגאַנקעס אויף א טאַנץ און מיר ווענען זיי שיקען א כאָלעראַ אין די זייטען!

— מיר ווענען זיי ניט דאַרפען שיקען, זיי ווענען אַליין געהן! — האָט זיך עמיצער אָנגערופען.

— זיי ווענען גאָר ניט געהן — האָט זיך דער ברייטביי־ניגער געהיצט — און אויב יאָ, גיעב איך מיין וואָרט, ווי כ׳בין א ציגיינער, אַז בלוט וועט זיך דאָרט גיסען!

— האָ־האָ־האָ! — האָט זיך דער יונג פערגאַנגען.

— זאָל מיך שוין א דונער טרעפען צו כ׳זאָג א ליגען — האָט דער ברייטביי־ניגער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט.

— אודאי זאָגסטו א ליגען!

— זאָג איך!

— דאָס טענה איך דאָך!

אַלע האָבען זי צולאַכט.

— און דו — האָט דער ברייטביי־ניגער פערקוועטשט די פויסטען און זיך געוואָלט וואַרפען אויפ׳ן יונג — דו ביזט א ים־חזיר!

— ווער איז א ים־חזיר?

— דו!

— און קוק איהם נור אָן, דעם פאַרשוין, א פּנים האָט עס ווי מען וואָלט א קאַץ אויפ׳ן עק געקוועטשט. עה, ברודער, ביזט א האָלצענער פּיסטאָלעט!

— האַ, האַ, האַ! — האָבען די ציגיינער געפּלאַצט פון געלעכטער. — ווער איז דיינס א ברודער, ווער? — האָט זיך דער ברייט־ביי־ניגער געהיצט — צוזאַמען ביי איין ווייב געוועזן?

— אָבגעשלאָגען און א סוף! וואָס שטעהט איהר, וואָס, ווי צוויי העהנער? — האָט אַן עלטערער זיך אריינגעמיישט.

אפּעלאָ האָט זיך נישט איינגעהערט. זי האָט פערזשמורעט די אויגען און געטראַכט וועגען די אונגאַרישע רעסטאָראַנען, וואו זי האָט מיידעלווייז געטאַנצט, וועגען דעם רייכען „פּאַן“, וואָס ער האָט זי נעכטען פאַרבעטען, וועגען די אויסגעוואָרפענע קאָרטען. דריי מאָל איז דער מלך שעל ארויס — א רייכער ברונעט מיט א קאַלט האַרץ. און דריי מאָל איז די מלכה שעל איהם אנטקעגען געקומען — א יונגע דאַמע מיט שווארצע ווי די נאַכט צעפּ, מיט א האַרץ פול ליעבע. און וואַרעמען וועט די דאמע דאָס קאַלטע האַרץ, זיין א רגע גליקליך און וועט פערפרוירען ווערען. מעהר אָבער ווי דריי מאָל טהאָר מען דאָס אייגענע מזל נישט פּרובירען.

אפּעלאָ האָט מאָראַלע׳ן ליעב געהאַט. אמת, מאָראַלע איז שוין נישט געוועזן קיין יונגער, פונדעסטוועגען אז ער האָט זי ארומגענומען האָבען אלע ביינער געקנאַקט און קיינער פון די יונגע ציגיינער האָט זיך צו איהם נישט געקאָנט גלייכען. דערצו האָט ער זי אָבגעקויפט, בעצאָהלט איהר פאָטער טויזענד זילבערנע דאָלאר. מאָרגע, זייענדיג אין דער היים האָט זי תמיד גע־חלום׳ט צו צושטעהן צו א באנדע ציגיינער און לעבען מיט זיי אין די וועלדער. די ערשטע צייט איז זי טאַקע נישט איינגעזעסען אין דער פּאַלאַטקע; גאַנצע טעג געשפּאַצירט איבער די גרינע לאָנקעס, פערקראָכען טיעף אין וואַלד אריין, זיך מיטגעכאַפּט אָהן מאַנס וויסען אויף דער „שפּראַכאַרקע“. נאַכט איין, נאַכט אויס האָט מען גרויסע פייערן צולייגט, די סטרונעס זיינען פון צופיעל שפּיעלען געפּלאַצט און זי האָט מיעד געמאַכט די בעסטע טענצער. איצט איז איהר אַלץ דערעסען. די פּאַלאַטקע, דער וואַלד, דאָס פרייע ציגיינער לעבען — אַלץ וואָס עס האָט איהר פריהער אזוי געצויגען איז איהר איצט דערווידער. און צומיינסטען האָבען איהר דערעסען די מחנות פליעגען, וואָס האָבען אָנגעפילט די פּאַלאַטקע מיט א זשומעריי און אזוי געביסען אז מען האָט זיי פון זיך בשום אופן נישט געקענט אָביאָגען. און אפשר גאָר געהן צום רייכען „פּאָן“ אין וואַלד אריין? ער האָט דאָך זי פערבעטען? און ווער וויים? זי האָט דאָך אזוי פיעל מעשיות געהערט, ווי פרינצען פערליעבען זיך אין ציגאַנקעס, האַלטען זיי געפאַנגען אין שלעסער, אין טיעפע וועלדער. יאָ, זי רופט גלייך די אַלטע קאַרלאַ, זיך לאָזען „וואָראָזשען“ און אויב זי וועט זאָגען דאָסזעלבע געהט זי צום „פּאָן.“

— גוט מאָרגען, שעהנע אפּעלאָ! — האָט די אַלטע קאַרלאַ, א ציגאַנקע בלויז הויט און ביינער אויסגעזויגען.

— גוט מאָרגען, קאַרלאַ, קום אריין!

די אַלטע איז אריין אין דער פאַלאַטקע און זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קניהען:

— ווער האָט אוועקגערויבט דעם גלאַנץ פון דיין גאָלדען אויג, שעהנער מלאך מיינער! ווי שלעכט דו זעהסט אויס! וואָס איז דיר? זאָג דער אַלטער קאַרלאַ, זי וועט די שווערע משא אראָפּנעהמען פון דיין האַרץ! שעהם זיך נישט, קינד מיינס! די קאָרט וועט אַלץ אויסזאָגען!

די אַלטע האָט ארויסגעשלעפּט פון בוזים אַן אָנגעשוואָלען פעקעל קאָרטען און עס פונאנדערגעוואָרפען אויף די קישענס:

— נו, אַצינד, מיין הערציל, לעג אוועק א צעהנער אויף דער ערשטער קאָרט, ס'וועט זיין מזל'דיג און די אַלטע קאַרלאַ וועט זאָגען דעם ריינעם אמת!

אָפעלאַ האָט געשמייכעלט.

די אַלטע האָט צעוואָרפען די קאָרטען מיט איהרע ביינערנע קנאָכען, זיי אויסגעלעגט אין דער פאָרם פון א האַרץ, דריי מאָל אויסגעשפּיגען, געוויספּערט מיט די ליפּען, אויפגעהויבען אַ קאָרט און גערעדט מיט א שטיל, אויסטערליש קול, ווי א מת:

— מלך שעל — א בדונעט מיט א געדרעהטע וואָנס האָט אוועקגערויבט דיין רוה, נור לאָז דיין גאָלדען אויג נישט וויינען, שעהנע אָפעלאָ! ס'איז דיר בעשערט אין דער צוקונפט א גרויס גליק, מייד אוים די טריט פון דעם ברונעט וואָס געהט דיר נאָך. מעהר האָט די קאָרט נישט וואָס צו זאָגען, אוצר מיינער!

אָפעלאָ האָט ארומגעכאַפּט די אַלטע:

— מיין גוטע קאַרלאַ, זאָג וואָס וואָלסט דו געטהאָן?

— וואָס מיינסטו קינד!

— כ'מיין, ווען א ברונעט וואָלט דיר נאָכגעגאַנגען?

— כי־כי־כי — איז זיך די אַלטע פערגאַנגען ווי א פויגעל — ס'אַראַ קינד, דו ביזט, אָפּעלאַ! וואָס פאַר אַ משוגע'נער וועט זיך נאָכשלעפּען נאָך אַן אַלטען בעזים, אז עס בליהען אַזעלכע שעהנע רויזען ווי דו! דו מיינסט אודאי ווען כ'בין יונג געוועזען? פרעג נישט! געוועזען ווילד, ווילד ווי א פויגעל! איבערגעשטיגען אייך אַלע! און ווער מיינסטו איז די בעסטע טענצערקע געוועזען אין די לאָמניער וועלדער? דאָס ווייסען די אַלטע ציגיינער! און ווער האָט געהאַט צעפּ ביז איבער די קניהען? און ווער האָט די ציגיינער די קעפּ פערדרעהט? אַלץ איך! קאַרלאַ! דערפאַר בין איך דאָך יונג געוועזען, קינד מיינס, געטהאָן וואָס ס'האַרץ האָט געגלוסט! עה, אוועק די אַלטע צייטען! — האָט קאַרלאַ געענדיגט מיט א זיפץ, צונויפגענומען די קאָרטען און זיך ארויסגעשאַרט.

אָפעלאָ איז געבליבען ליגען אויף די קישענס אַן אונצופריעדענע. די געשרייען פון די ציגיינער וואָס זיינען געוועזען צעוואָרפען ארום דער פאַלאַטקע זיינען איהר נמאס געוואָרען. פון פערדרוס האָט זי געכאַפּט א פולע האַנד פליעגען, זיי א שליידער געטהאָן אין א קובעל וואַסער, דורכגענומען די האָר מיט'ן צוויי שאַרפיגען שטילעט און ארויס פון דער פאַלאַטקע.

.3

אָפעלאַ איז געשפּרונגען איבער'ן וואלד מיט אַן אָבגעבראָכענע צווייג אין דער האַנד.

א לייכט, געזאַלצען ווינטעל האָט זיך מיט אַמאָל אָבגעריסען פון דער ווייכסעל, גערעגט, מיטגעבראַכט מיט זיך דעם שאַרפען ריח פון יאַלאָוויץ, פון פאַרטיגע פלאָמבירען.

בליאַש איז איהר אַנטקעגען געקומען, זי אָנגענומען פאר ביידע הענד און אָפּגעשטעלט:

— אַפעלאָ!

אפעלאָ האָט איינגעצויגען איהרע ברעמען, ברייטער צועפענט איהרע שווארצע אויגען מיט די בלויע רייפען ארום, געקוקט א ווײַלע אויף בליאַש'ן, פערריסען דעם קאָפּ, ארויסגעלאָזט א ווילד און האַרציג געלעכטער — האָבען זיך מיליאָנען באַשעפענישען דורכגעטרייסעלט טיעף אין וואלד, זיך צוברומט אין דער נאַכט אריין, זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן געלעכטער און אָבגעהילכט ווי א ווייטער, ווייטער ים.

בליאַש האָט פעסט געדריקט דער ציגאַנקעס הענד, זי אַרומגענומען און געשפּרייזט א שטומער, א גליקליכער.

א פאָרעל איז אָנגעקומען. א יונגער ציגיינער מיט נאָך גאָר א יונגע ציגאַנקע האָבען געטראָגען אַן עמער מיט פּוטער־מילך. בליאַש מיט אָפעלא'ן האָבען זיך בעהאַלטען אין א שמאָלע, פינסטערע ווי א קעלער, סטעזשקע. דאָס פאָרעל האָט זיך יעדע ווײַלע אָבגעשטעלט, אוועקגעשטעלט דעם עמער מיט מילך און זיך געוואָרפען איינער דעם צווייטען אין די ארעמס.

אָפעלא האָט זיך דערפיהלט פרישער, איינגער. גיך און בייגיג האָט זי ארומגעכאַפּט בליאַשען, איהם א רגע דורכגעקבערט מיט איהרע אויגען, צוגעלייגט איהרע פייערדיגע ליפּען צו זיין אויער:

— מיין פאַן! מיין גאָלדענער פאַן!

די לבנה האָט זיך אַרויסגערוקט פון וואַלד. א משופּע'דיגער שטראַהל איז אריין אין דער פינסטערער סטעזשקע, זיך אָנגעצויגען אָן די בוימער ווי א זילבערנע סטרונע פון א האַרפע, זיי איבערגעשניטען, זיך אויף א רגע א גלייך אויס געטהאָן, דורכגעהאַקט דעם וואַלד אין צווייען און אפעלא האָט א ציטער געטהאָן. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט אין עק וואַלד, שטעהט עמיצער, א הויכער, מאָראַלע, בויגט זיך אין דרייען, גלאָצט די אויגען און נעהמט צו איהר שפּרייזען. דער שטראַהל איז פערשוואונדען, די סטעזשקע איז נאָך פינסטערער געוואָרען און נאָך שטאַרקער האָט זי בליאַשען ארומ־

גענומען. ער האָט געפיהלט, ווי איהרע פייערדיגע קושען פער׳שכור׳ען איהם, געהערט א זיסען וויספּער, ווי מען וואָלט איהם געגלעט מיט פּוך־פעדערען:

— מיין שעהנער פּאַן, ליעב מיך — — ביים שטאַרקער!

א שכור׳ער האָט בליאַש זיך אויפגעשטעלט און געפלאַפּעלט:

— מיין שעהנע ציגאַנקע, מיין ווייסע ציגאַנקע!

זיי זיינען געגאַנגען האַנד אין האַנד, געפיהלט ווי זייערע פינגער פלעכטען זיך, ווערען שטייפער, קנאַקען.

און די לבנה, ווי א כשוף־מאַכערין, האָט געבלענדט די אויגען, געהילט דעם פינסטערען וואַלד אין זילבערנעם טיול, אָנגעיאָגט א שרעק, געוואָרפען שטיקער ליכט דאָ און דאָרט און די אָבגעהאַקטע בוימער האָבען אויסגעזעהן פון דער ווייטענס ווי מענשען, פערד און בערען.

ביי דער וועראַנדע איז דער לעשניק זיי אַנטקעגען געקומען. ער האָט געצויגען ביז צו די קניהען דעם היטעל, א געבויגענער געבליבען שטעהן, לאַנג נאָכגעקוקט דעם פּאַן מיט דער ציגאַנקע, זיך דערמאָהנט אַז ער האַלט דאָס היטעל, האָט ער פון פערדרוס אויסגעשפּיגען, זיך גלייך אָבגע׳צלם׳ט און מיט א קרעכץ זיך אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן טרעפּעל.

זיי זיינען אַריין אין שטוב. אָפּעלאַ האָט ניט געלאָזט אָנצינדען קיין ליכט. זי האָט פערבויגען די גאַרדינען פון די פענסטער און די שטוב איז אָבגעגאָסען געוואָרען מיט א מאַטען לבנה־שיין. א נייגעריגע איז אָפּעלאַ ארומגעגאַנגען איבער׳ן זאַל, בעקוקט דאָס מעביל, די פּליושענע דיוואַנען, די בילדער אויף די ווענד.

זי האָט אַרויסגענומען א גרויסען בוקעט מיט רויזען, וואָס איז געשטאַנען אין א וואַזע, שטיפעריש גענומען רייסען די סאַמעטענע לעפּלעך פון די בלומען און זיי געוואָרפען אויפ׳ן פּלוישענעם דיוואַן, אויף בליאַשען. זי איז געוואָרען אַלץ ווילדער, צושאָטען דעם בוקעט, אַרויסגעכאַפּט פון די האָהר דעם בלאַנקענדען שטילעט, איהם שנעל גענומען וואַרפען, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, זי וואַרפט עטליכע מיט א מאָל. דאָס צוויי־שאַרפיגע מעסער איז געפלויגען דורך איהר פּוס, פערביי דער פּלייצע און זי, א צופּאַטעלטע, א ווילדע, האָט זיך געטראָגען נאָכ׳ן מעסער, עס יעדעס מאָל געכאַפּט, געלאָזט פאַלען, ווידער געשליידערט און עס געלאָזט שטעקען ווי א פּייל אין דער פּאָדלאָגע.

זי האָט זיך צולאַכט, זיך א מאָל צוגעזעצט, אַוועקגעלייגט איין פוס אויף דער פּליושענער אָטאָמאַנע און זיך שעלמיש געפרעגט:

— דער פּאַן איז ברוגז?

— וואָס פאַלט דיר איין!

— טאָ טהו מיר אויס דעם שוך, ער דריקט — — —

בליאַש האָט גענומען דעם לינקען שוך, אָנגעשפּאַרט אויף זיין קניה, גענומען אויפקנעפּלען — האָט ער דערפיהלט, ווי זי נעהמט איהם אַרום, ווי זי רייבט איהרע ווייכע, ווי דער פּוך אונטער א פויגעל׳ס העלזיל, באַקען אָן זיינע עטוואָס שטעכיגע, בעוואַקסענע, און בשעת מעשה האָט אַלץ אין איהם זיך גענומען הויבען, שלאָגען אין מח אַריין. ער האָט זי געכאַפּט אויף דער שויס, געפיהלט ווי איהרע שפּיצען פינגער ריהרען לייכט אָן זיין ברוסט, קיצלען, ברענען און ער האָט זי גענומען אויסטהאָן. און דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, אַזוי מורא׳דיג לאַנג! ער האָט זי געהאַלטען אין איין אויסטהאָן און געפיהלט בשעת מעשה ווי עס פּלאַצען אין איהם אָן אָדער נאָך אָן אָדער, ווי ער קאָרטשעט זיך אין דרייען, ווי דאָס בלוט לויפט האַסטיג אין מח אַריין, ברענט און דער פּליושענער דיוואַן איז אויסגעבעט מיט רויטע ראָזען. א לייכט ווינטעל האָט זיך אַריינגעריסען דורכ׳ן אָפענעם פענסטער, אויפגעהויבען עטליכע סאַמעטענע ראָזען־לעפּלעך, זיך געטראָגען פון א ראָז צו א ראָז, פון א ראָז צו א ראָז און דורכפליהענדיג איבערגעלאָזט דעם שמייכעל פון ראָזען.

— ביזט ביין, אָפּעלאַ?

אָפּעלאַ האָט עטוואָס אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט די צופּאַטעלטע האָר, פערשאַרצט די אויבערשטע דינע ליפּ און פון די ווייסע צייהן, ווי ווייסער קעז, האָט זיך א שמייכעל צוגאָסען איבער איהר פּנים.

אַזוי איז זי געבליבען ליגען א ווײַלע אויפ׳ן פּליושענעם דיוואַן. פון די גאַרדינען איז איהר א שטראַהל א פאַל אַריין געטהאָן אין פּנים, זיך אָבגעשלאָגען, אויסגעשניטען דורכ׳ן גאַנצען זאַל א לבנה־וועגיל — האָט זי דערזעהן ווי א טיולען געשטאַלט קוקט אין פענסטער. זי האָט א ציטער געטהאָן, פון שרעק פערמאַכט די אויגען און זיך פעסטער געטוליעט צו בליאַשען.

— אָפּעלאַ, זיי ניט ביין — — ביזט ביין, אָפּעלאַ?

אָפּעלאַ האָט זיך ווילד צולאַכט:

— מענש, פאַרוואָס זאָל איך ביין זיין? היינט איז דיין נאַכט, די קאָרט האָט דיך אויסגעקליבען! און קעגען מזל געהט קיינער!

— און די קאָרט האָט טאַקע געטראָפען?

— האָט זי בליאַש א נייגעריגער געפרעגט.

— אודאי געטראָפען! — האָט אָפּעלאַ קינדיש געענטפערט.

זי האָט צונויפגעלעגט איהרע קליינע הענטלאַך אין רעהרען, איין זייט צוגעשטעלט זיך צו די אויגען, די צווייטע — בליאַשען און אַזוי פער׳עקשנ׳ט, ביז משוגעת, זיך איינגעגעסען אין בליאַש׳ס קוק, אַז ער האָט דערפיהלט א וואַרעם פרעסטיל.

— ניט קוק אַזוי! — האָט בליאַש

— ניט קוק אזוי! — האָט בליאַש זיך געבעטן, אוועקגענומען איהרע הענד און איהר פערמאַכט די אויגען.

— עה, דער פּאַן האָט מסתמא קיין ריינעם געוויסען ניט, אז ער קאָן מיר גלייך אין די אויגען ניט קוקען.

בליאַש האָט געשמייכעלט, געקושט איהרע קליינע הענד:

— מיין שעהנע ציגאַנקע, כ'שעם זיך! זעהסט, ניט בחנם ליעבען זיך מענשען ביי נאַכט, אין דער פינסטער. דאָס האָט מסתמא גאָט אליין אויסגעקליבען די נאַכט פּאר ליעבע.

— מענש, וואָס דו רעדסט — האָט אַפּעלאַ געצווינגען די ווערטער — וואָס ווייסט איהר פון ליעבע? ליעבען קענען מיר! מענשען דאַרפען זיך ניט ליעבען ביי נאַכט ווי קעץ! ליעבען דאַרף מען זיך אונטער דער צופלאַמטער זון אין וועלדער, אין פעלדער! דער „פּאַן“ וועט לאַכען, ווען כ'בין אלט געווען צוועלף יאָהר, האָב איך שוין געהאַט צוויי געליעבטע. ברידער זיינען זיי געווען, ציגיינער. ביי טאָג האָבען זיי געשפּיעלט אין די גאַסען און ביי נאַכט האָבען זיי זיך אריינגעזעצט אין די פענסטער און געפייפט ווי קאַנאַריקעס. דער עלטערער, מיט די וואָנסען, איז מיר געפעלען, האָב איך זיך אוועקגעשטעלט אונטער זיין פענסטער מיט א רויטען עפּעל אין מויל. ביידע ברידער האָבען צו מיר געלאַכט, צושפּרייט די הענד און מיר איז געפעלען דער עלטערער, באַרעק האָט ער געהייסען, האָב איך איהם געוואָרפען דעם עפּעל. פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבען צו קומען צו איהם יעדען טאָג, געוואָלט זיין זיינע, האָט ער געלאַכט, מיר געהייסען וואַרטען ביז צו דער התונה. ער האָט געוואָלט האָבען א ריינע, אן אונשולדיגע האָט מיך דערפאַר דער יונגערער געקראַגען.

אַפּעלאַ איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— דערצעהל ווייטער, אַפּעלאַ — האָט זיך בליאַש געבעטען.

— כ'בין נאָך דעמאָלט — האָט אַפּעלאַ ווײַדער אָנגעהויבען — אַזאַ נאַרעלע געווען, געגלויבט דער מאַמען — — ווייסט, מיין מאַמע פלעגט מיר זאָגען, אז א יונג דריקט שטאַרק א מיידעל א האַנד, האָט זי א קינד — האָב איך יעדע נאַכט זיך אזוי געשראָקען — פון יונגערן האָב איך ניט געוואָלט האָבען קיין קינד, כ'האָב איהם די ערשטע צייט ניט ליעב געהאַט, ער האָט געהאַט די פאַליגע. און דער עלטערער, באַרעק, האָט געהאַט אָן אָבגעהאַקט אויער, האָב איך זיך געשעמט, מען וועט לאַכען — — ניט געוואָלט האָבען א קינד מיט אָן אָבגעהאַקט אויער!

— און שפּעטער האָסטו דעם יונגען ליעב געהאַט? — האָט בליאַש געפרעגט.

— אודאי — האָט אַפּעלאַ געשמייכעלט.

זי האָט עטוואָס צופענט איהרע פרישע ליפּען, שטאָלץ אויפגעהויבען דעם צופּאַטעלטען קאָפּ מיט'ן קליינעם שטערען און א האַלב אויסגעטאָנענע, איז זי ווי ארויסגעוואַקסען פון דער ערד, פון די רויזען.

איבער'ן לבנה־וועגעל האָט זיך דורכגעלייכט א געשטאַלט, זיך פערקוקט אין פענסטער, האָט אַפּעלאַ פערמאַכט די אויגען און א ציטער געטהאָן.

.4

די ציגיינער האָבען זיך געהיצט — די ציגאַנקעס זיינען אוועק צו די קופּערשמידען אויפ'ן טאַנץ.

מאַראַלע איז געזעסען אן אונרוהיגער, געקוקט אויפ'ן וועג וואָס פיהרט צום וואַלד צו און כאָטש ער איז געווען זיכער אז אַפּעלאַ איז אויך דאָרט, האָט ער פונדעסטוועגען זי אויסגעקוקט און נישט איינמאָל האָט איהם דער אטהעם פערכאַפּט ווען עפּעס א געשטאַלט האָט דורכגעשליכט דעם וועג.

— מיר וועלען נישט דערלאָזען! — האָבען זיך עטליכע מיט א מאָל צושריען.

— געוויס נישט! — האָבען אנדערע אונטערגעכאַפּט.

— א דונער מעג זיי דערשלאָגען, די יחסנים! זיי וועלען זייערע מוידען נישט שיקען צו אונז!

— מיר האָבען דאָך אונזערע אויך נישט געשיקט! — האָט זיך אן אלטער געוויצעלט.

— זיי זיינען אליין געגאַנגען!

— טו וואָס קאָכסטו זיך?

— א ווייב און א קוה טאָר מען נישט גלויבען — האָט דער בלינדער צעמבאַל זיך אריינגעמישט — די בעסטע קוה גיט מילך, גיט מילך, מיט אמאָל צובריקעט זי זיך, גיסט אויס די מילך און איז מכבד מיט דער קאָפּיטע אויך.

די ציגיינער האָבען געלאַכט.

מאַראַלע איז געזעסען אָן אָנגעכמורעטער און אויסגעפּייפט עפּעס דורך די פערמאַכטע ציין. ער האָט דערזעהן פון צווייטען זייט וואַלד א פלאַם. דער פלאַם איז געוואָרען גרעסער, קלענער, פערשוואונדען און באַלד צוריק זיך פערצווייגען. דאָס האָבען די קופּער־שמידען געטאַנצט.

איהם האָט פערדראָסען אויף זיך אליין, וואָס ער זיצט דאָ אין געהאַקטע צרות, קוקט אויס אַפּעלאַ'ן און זי טאַנצט דאָרט מסתמא מיט גאַראַלע'ן, דעם סטאַראָסטאַ.

— צעמבאַל איז גערעכט, א ווייב טהאָר מען נישט גלויבען — זיי זיינען אלע אזוי! — האָט מאַראַלע געטראַכט און געפיהלט ווי די נכפּה עסט איהם.

ער האָט געביסען זיין לאַנגע וואָנסע און מיט מעהר עקשנות און בייזקייט זיך איינגעקוקט אין פערצווייגענעם, ווי א זון אונטערגאַנג, פלאַם.

און די נאַכט איז געווען א לבנה'דיגע, א

הירביבטינע — האָבען זיך לאַנגע שאָטענס ווי כנאַפּעס געלעגט איבער די פעלדער — פון די שאָטענס האָבען זיך ארויסגעשניטען מחנות סילועטען, ווי שדים, און זיך געטראָגען אין א ווילדען טאַנץ. מיט א מאָל איז אלץ צושוואומען געוואָרען און ס'איז פינסטער געוואָרען. מאַראַלע האָט ברייטער צועפענט זיינע אויגען און איהם האָט זיך געדאַכט אז אלע האָבען אָפּגעטאַנצט, צוגעהען זיך און אָפּעלאָ א מיעדע געהט מיט גאַראַלע'ן אין דער פּאַלאַטקע, וואַרפט זיך אין די קישענס און פּראָוועט מסתמא די זעלבע שטיק. ער איז געוועזן זיכער אז אָפּעלאָ ליעבט איהם נישט, ער איז אלט און גאַראַלע איז יונג און רייך — געפעלט ער טאַקע יעדער מויד.

פון כעס האָט זיך זיין האַרץ געקאַרטשעט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צושפּרייט די פיס, זיך איבערגעצויגען, אויסגעשפּיגען א קללה אין דער נאַכט אריין און א געשריי געטהאָן:

— קומט!

ציגיינער מיט שטעקענס אין די הענד זיינען גלייך אויפגעשפּרונגען און זיך צוגעדערט.

— מיר וועלען זיי צוברעכען די זייטען, וועלען מיר! — האָט זיך איינער אָנגערופען.

— וועלען זיי וויסען, ווי צו פערנאַרען פרעמדע מוידען — האָט א צווייטער פּאַרענדיגט.

— פאַרגעסט נור נישט אהיים צו קומען!

— האָט זיך אָן אלטער געוויצעלט.

די ציגיינער, בראָנזענע, מיט שוואַרצע קוטשמעס האָר, האָבען זיך מיט א טומעל צושאָטען איבער'ן זאַמדיגען וועג.

מאַראַלע האָט געשפּרייזט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, געקוקט אויף זיין אייגענעם שאָטען און זיך פאַרגעסען וואוהין ער געהט. און וואָס העכער ער האָט געהויבען א פוס, געוואָלט אריין דעם שאָטען אין דער מיט, האָט דער שאָטען געהויבען נאָך א העכערען פוס און זיך ארויסגעגליטשט. מאַראַלע האָט א שפּרונג געטהאָן, ווי א אינגעל, געוואָלט אריבערשפּרייזען דעם שאָטען, האָט דער שאָטען א העכערען שפּרונג געטהאָן און מיט אמאָל פערשוואונדען. עמיצער האָט זיך צולאַכט. מאַראַלע האָט זיך פאַרשעהמט, געפיהלט אז ער איז אויסגעשפּילט, אז זיין אייגען ווייב איז איהם ניט טריי, אז די ציגיינער לאַכען אין די פויסטען און ער האָט אלעמען פיינד געקריגען.

אויפ'ן פעלד נעבען א קליין פייערל איז געזעסען א פּאָרעל. מאַראַלע האָט דערפיהלט ווי עס רייסט זיך ביי איהם עפּעס אָפּ, ווערט הויל און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ציגיינער האָבען ארומגערינגעלט דאָס פּאָרעל — א קופּער־שמיעד איז געזעסען מיט דער געשטופּעלטער ראַמאַ.

— ראַמאַנסיר ווייטער, דו הזיר'שער עק!

— האָט מאַראַלע אויסגעשאָסען במעט לויפענדיג און עס האָט אויסגעוויזען אז ער קלויבט זיך אריבערשפּרינגען דעם ציגיינער.

ער האָט ארויסגעשלעפּט פון פייער א ברענענדיגע שטיק האָלץ, עס צוגעשטעלט צום פּאָרעל און זיך איינגעקוקט:

— אה, דו ביזט עס, ראַמאַ? דיר האָט זיך פערוואָלט א קופּער שמיעד! נו, זאָג, שמעקט בעסער ווי א ציגיינער? — — פּאַסקודא!

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר'ן צאָפּ, איהם ארומגעוויקעלט, ווי א שטריק, ארום זיין האַנד און זי א שלעפּ געטהאָן צו זיך:

— „כלאַפּצי“, טהוט אויס ראַמע'ן א נאַקעטע, גיכער, און פיהרט זי מיט א „קאַצען־מוזיק“ אהיים, וועט זי וויסען, וואָס הייסט אוועקגעהן ביי נאַכט פון אן „אייגען פייער.“

דער קופּער שמיעד איז אויפגעשפּרונגען, געקוקט ווי א צושראָקענע חיה אין אלע זייטען, געוואָלט עפּעס זאָגען, האָט איהם מאַראַלע א פּלאַם געטהאָן אין לינקען אויער, פּערגאָסען די אויגען מיט טרעהרען. דער ציגיינער האָט א צופינטעלטער א דרעה געטהאָן מיט'ן בלויזען קאָפּ, געוואָלט וויסען פון וואַנען דער קלאַפּ איז געקומען, איז איהם מיט אמאָל ליכטיג געוואָרען אין די אויגען און ער איז געפאַלען.

באַלד, נאָכ'ן ערשטען קלאַפּ האָט מאַראַלע דערפיהלט ווי אלץ וואָס עס האָט זיך אין איהם געהויבען, געשפּאַרט אין האַלז אריין, פּלאַצט, רייסט זיך ארויס — האָט ער אָבגעלאָזט הענד און פיס און געשלאָגען אָהן רחמנות.

— בעסער! — האָבען די ציגיינער פערגאַפּטע אונטערגעכאַפּט.

דער קופּער־שמיעד איז געפאַלען, געגרעוועט, זיך אויפגעשטעלט און ווידער געפאַלען.

מאַראַלע איז געשטאַנען א צופּלאָמטער, די הענד אין די קעשענעס און געסאָפּעט:

— ווּעסט ראָמאַנסירען, דו קוימען־קעהרער! וועבט ראָמאַנסירען!

— קוק בעסער דיין ווייב זאָל ניט ראָמאַנסירען! — האָט דער קופּער־שמיעד געהעשעט.

— שוויג, בארנדינער*) מיט די גלאָקען!

— האָט מאַראַלע א טופּע געטהאָן מיט דעם פוס.

דער קופּער־שמיעד האָט זיך א וויש געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן פּנים און עס אויסגעשמירט מיט בלוט. ער האָט געקוקט דאָ אויף די פערבלוטיגטע הענד, דאָ אויף מאַראַלע'ן, ווי פאַרגעסען אָן די קלעפּ, געטהאָן א ליידענשאַפטליכען צוג מיט די ליפּען, זיך נקמה'דיג צושמייכעלט מיט איין אויג און דורכגעזייט דורך די פערקוועטשטע ציין:

---

*) ציגיינער קופּער־שמיעדען טהוען אָן זייערע בכורים אין די קליידער פונ'ם אָרדען בערנאַרדי.

—— שלאָג בעסער דעם „פּאַן“! ער ראָמאַנסירט אין וואַלד מיט דיין ווייב — מאָראַלע איז בלאַס געוואָרען, פון כעס אריינגעכאַפּט איין וואָנסע אין מויל אריין:

— לאָז דיר דיין קאָפּ ניט דאַרען! מאַרש, יאַלאָוועך, קיין פּיפּס מעהר, כ׳וועל דיר דערהרג׳ענען ווי א הונד!

דער קופּער־שמיעד איז אָפּגעגאַנגען א פופציג טריט ווי א שיכור, זיך מיט אמאָל אָבגעשטעלט, זיך אויסגעדרעהט, געגראָזשעט מיט א פינגער:

— וואַרט, „פּסו־בראַט“, כ׳וועל זיך אָברעכענען מיט דיר!

— און מיט דיר האָט מען זיך שוין אָבגערעכענט! — האָט א ציגיינער איהם נאָכגעשריען.

אלע האָבען געלאַכט.

מיט א פּאַטשעריי, מיט א פייפעריי האָבען די ציגיינער געפיהרט ראָמע׳ן, א נאַקעטע, אין דרייען א געבויגענע. ראָמאַ האָט פערשטיקט, ווי פון א פאַס ארויס, געוויינט און עס האָט זיך געדאַכט, אז אָט, אָט, פאַלט זי איבער די פיס.

און וואָס העכער די ציגיינער האָבען געזונגען, געוואָלט איבערשרייען ראָמע׳ס געוויין, אַלץ שאַרפער און דורכדרינגענדער האָט זי געקלאָגט אין דער נאַכט אריין, געוואָיעט ווי א הונגעריגע סאָווע. האָבען זיך סאָווע׳ס מיט פלאַטשיגע, ווי טראָגעדיגע קעז, פּנים׳ער צויאָמערט דאָ און דאָרט, אָנגעיאָגט א מאָדנעם שרעק.

— פּשאַ יוכאַ, נישט אַנדערש ווי א סאָוואַ זיצט אין איהר!—א דערשלאָגענער איז ער געגאַנגען צו דער וועראַנדע. ער האָט זיך עטליכע מאָל פערקליבען עפּעס צו טראַכטען, איז אָבער אַלץ מיט אַמאָל ארויסגעפלויגען פון זיין מח, ווי מען וואָלט מיט א בעזים אויסגעקערט. עס איז איהם מיט אַמאָל פינסטער געוואָרען אין די אויגען און ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

אָפּעלאָ מיט א רויז אין די שווארצע האָר איז איהם אנטקעגען געקומען.

— פון וואַנען שלעפּסטו זיך?—האָט מאָראַלע זי בייז געפרעגט.

אָפּעלאָ האָט זיך ניט געמאַכט הערען און געגאַנגען ווייטער.

מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, מיט אן אָפענעם מויל, איז מאָראַלע צו צו זיין ווייב, צוגעשטעקט זיין פויסט צו איהר נאָז און א רעווע געטהאָן:

— דו וועסט זיך דאָס ארומשלעפּען, דו?! נבלה!

אָפּעלאָ האָט איהם איבער א מינוט ווילד אָנגעקוקט, געציישעט מיט איהרע ציין ווי א שלאַנג:

— וואָס טהוט דיר וועה? לאָז דורך!

מאָראַלע איז ווילד געוואָרען, געוואָרפען דאָס היטעל אן דר׳ערד, זיך געקלאַפּט מיט די פויסטען אין הארץ אריין:

— זאָל מיך א דונער דערשלאָגען, צו דיין ליובאָוואָניק וועט נאָך היינט די ערד ניט קיהלען! מעג ער זיין א „פּאַן“, אפילו א גובערנאַטאָר! איך בין מאָראַלע, בין איך! און מאָראַלע וועט ניט לאָזען זיין אייגענעם טאַטע, אפילו דעם טייפעל אליין אויך ניט קריכען אין זיין פּאַלאַטקע! זאָג, וואו ביזט דו געוועזן? — און ער האָט זי א טרייסעל געטהאָן.

— שלאָג! — האָט זי שטאָלץ געזאָגט און ארויסגענומען פון די האָר דעם צוויי־שאַרפיגען שטילעט.

זיי האָבען זיך אָנגעקוקט, דורכגעשטאָכען איינער דעם צווייטען מיט די בליקען און זיך עטוואָס אָבגערוקט.

פון די וויכסעל איז געקומען אָנצולויפען א שאַרף ווינטעל, מיטגעבראַכט עטליכע הוי־פענס בלעטער און פערשוואונדען מיט א פייף.

מאָראַלע איז געשטאַנען אָהן אַ היטעל געפיהלט ווי דאָס הארץ פּלאַצט פון וועהטאָג; חשק געהאַט צו צורייסען אָפּעלא׳ן און געקוקט ווי איהר סילועט פערשווינדט ביסלעכוויים, פערליערט זיך צווישען די סנאָפּעס שאָטענס, וואָס טראָגען זיך ווי שדים איבער׳ן זאַמדיגען וועג. אין וואַלד האָט געוויינט א סאָווע. מאָראַלע האָט זיך אָבגעטרייסעלט, אריינגעמאַכט די הענד אין די הויזען־קעשענעס און א צובראָכענער, א צואוועהטאָגטער האָט ער זיך געשאַרט ווי א שאָטען פון דער לאָנקע אויפ׳ן זאַמדיגען וועג, פון זאַמדיגען וועג אויף דער לאָנקע.

מ. ווינטשעווסקי

לאַסאַל און די פּרויען

(אַן ענטפער אויף גענ. דייטש'ס אַרטיקעל*)

1

ווען לעאָ טאָלסטאָי איז אַלט געוואָרען פינף־און זיעבעציג יאָהר, האָט ער ארויפגעבראַכט אויפ'ן פּאַפּיער געדאַנקען, וועלכע האָבען איהם — ווי ער דערצעהלט — „געדרעהט. א מח" פון יאָהרען, אָבער ער האָט ניט געהאַט דעם מוטה זיי, די געדאַנקען זיינע, ארויסצישיקען אין די גרויסע, ווייטע וועלט.

ערכט זעקס־זיעבען יאָהר פאר זיין טויט האָט ער זיך געמאַכט א האַרץ און האָט ארויסגעגעבען, וואָס ער האָט געוואוסט, וועט שאָקירען די ליטעראַרישע וועלט און ניט זי אליין.

דאָס איז געווען זיין ביכעל „וועגען שעקספּיער און די דראַמאַ", א שריפט, אין וועלכער ער האָט געזוכט צו בעווייזען, אז שעקספּיער איז געווען אלץ וואָס איהר ווילט, נור ניט קיין גרויסער דראַמאַטורג, און אז ספּעציעל זיין „קעניג ליער" איז א שלעכטע בעארבייטונג פון אן עלטערע פּיעסע ווי זיינע — אן עלטערע און א בעסערע — פון א דראַמאַטישען שטאַנדפּונקט.

מיר איז אויסגעקומען צו לעזען די דאָזיגע שריפט צוערסט אין אן ענגלישער איבערזעצונג מיט אן איינלייטונג (אָדער א נאָכוואָרט — איך געדענק שוין ניט) פון ערנסט קראָזבי. דער איינדרוק אויף מיר איז געווען אזא שטאַרקער, אז ווען איך האָב אַ קורצע צייט שפּעטער געקראָגען דעם רוסישען אָריגינאַל, האָב איך זיך אויף איהם א וואָרף געטאָן הייס־הונגעריג, ניט בלויז כדי צו לעזען דעם גרויסען אָנגריף אויף שעקספּיער'ן אין טאָלסטאָי'ס אייגענעם לשון, נור אויך — און דער עיקר — כדי זיך צו איבערצייגען, אז דער איבערזעצער האָט ניט ערגייץ וואו ווי עס איז געזינדיגט געגען דעם אָריגינאַל.

האָב איך עס, אַלזאָ, געלייענט נאָך אַמאָל און וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך בין עטליכע וואָכען געווען ווי צוטומעלט פון דעם אלטען'ס אפּיקורסות לגבי דעם גאָט פון דראַמאַטישע דיכטונג, וואָס פאר איהם איז מעהר ווי איין כהן גדול און מעהר ווי איין קונסט־טעמפּעל געפאַלען כורעים כמעט אין יעדער מדינה פון דער ציוויליזירטער וועלט דורך דורות און דורות.

געזאָגט מוז דאָ ווערען, אז דער גאַנצער ביכעל איז פול פון טאָלסטאָי'ס כמעט קינדישנאַאיווער עהרליכקייט; אז ער גיט דעם בריטישען דיכטער „קרעדיט" דאָרטען, וואו איהם דאַכט זיך, אז דער שבח איז א פּערדיענטער.

נאָך מעהר ווי דאָס. נאָכגעהענדיג דעם קריטיקער אין זיין לאַנגע, אונאויפהערליכע פּגימה־זוכעריי, דאַכט זיך אייך, אז ער איז אומעטום גערעכט און אז אלע זיינע טענות זיינען לאָגישע. איהר זייט — אָדער איהר ווערט, ביסלעכווייז — מיט איהם איינפערשטאַנען, אז דער גאַנצער שעקספּיער קולטוס איז דער רעזולטאַט פון א „היפּנאָטישע סאָדזשעסטשען", דאָס הייסט, אז איימיצער, אן ענטהוזיאַסט, האָט ערגעצוואו שיכור'ערהייט אויסגעשריען: „אלה אלהיך, טהעאַטער!" און גלייך האָבען זיך אלע גענומען בוקען פאר דעם פאַלשען גאָט.

ביי מיר האָט דער רושם, וואָס די שריפט האָט אויף מיר געמאַכט, ביסלעכווייז אָנגעהויבען אָבגעשוואַכט צו ווערן און אין א קורצע צייט בין איך געקומען צום זינען.

דאַן האָב איך אָט וואָס פערשטאַנען:

קודם, מעסט מען ניט דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט מיט אן ארשין פונ'ם צוואַנציגסטען; מען רעדט ניט וועגען שעקספּיער פון דעם שטאַנדפּונקט פון אָסטראָווסקי, פּונקט ווי מען אורטהיילט ניט אונזער אייגענעם עמנואל הרומי פון דאַנטע'ס צייטען אין איטאַליען, קוקענדיג מיט די אויגען פון חיים נחמן ביאַליק אין דער צייט פון דעם קישענעוו'ער פּאָגראָם.

חוץ דעם קוקט מען ניט אויף קליינינקע, אונבעדייטענדע חסרונות אין גרויסע, וויכטיגע ווערק, ווי מען קימערט זיך ניט וועגען א קריץ אָדער א פלעק אין א מאַרמאָרנע סטאַטוע.

ועל כולם, איז אין גראַנדיעזען קונסטווערק ווי טאַקע למשל „קעניג ליער" גאָרניט וויכטיג צו עס וועט אין אלע פּרטים ודקדוקים אויסהאַלטען קריטיק פונ'ם רעאַליסטישען שטאַנדפּונקט, אָדער ניט.

---

*) גענאָסע דייטש'ס אַרטיקעל אין אָקטאָבער נומער „צוקונפט" האָט זיך געדאַרפט רופען „לאַסאַל און זיינע ראָמאַנען". צוליעב א מיספערשטענדניס איז ער ערשיענען אונטער'ן נאָמען „פערדינאַנד לאַסאַל" — די רעדאַקציאָן.

וויכטיג איז דאָס „אַנסאַמבל“, דאָס בילד אַלס א גאַנצעס, דער איינדרוק פון דעם גאַנצען ווערק אַלס א ביישפּיעל פון קינדער׳ס אונדאַנקבאַרקייט, דער סך־הכל פון אַלץ, וואָס איהר פּיהלט דורך, פון אַלע געדאַנקען, וואָס ווערען אַרויסגערופען ביי אייך בעת איהר זעהט אָדער הערט דעם גאַנצען וואונדערבאַרען טרויערשפּיעל.

און נעהמענדיג דעם „אַנסאַמבל“ פון אַלץ וואָס מיר האָבען פאַר זיך אונטער דעם נאָמען שעקספּיר, פּיהלען מיר די גרויסקייט, די ערהאַבענהייט דערפון דוקא דאָרטען, וואו ער קען פון א מאָדערנעם שטאַנדפּונקט אַם שטאַרקסטען קריטיזירט ווערען.

טאַקע דער פאַקט, וואָס אַזא קאָמעדיע, כאַפּט אייך אָן, ווי „עז יו לאַיק איט“, וואָס וואָלט אין די הענד פון א לאַטיינער געוואָרען א שונד־דראַמאַ שבשונד־דראַמאַ, איז ביי דעם בריטישען דיכטער־ריעז א מייסטער־ווערק פון ערסטען ראַנג, — ניט אַכטענדיג אפילו אויף די כמעט קינדישע איבערקעהרענים אין דעם כאַראַקטער פון דעם שלעכטען ברודער (אָליווער) צווישען דעם ערסטען און דעם לעצטען אַקט, — אָט דיעזער פאַקט גופא בעווייזט בעסער ווי צעהן געשוואָרענע עדות, אז שעקספּיער אין גאַנצען גענומען איז זעהר, זעהר גרויס.

2

וועט איהר אָבער זאָגען:

„דאָס אַלץ איז אפשר גאַנץ גוט, וואָס פאַר א שייכות אָבער האָט דאָס מיט לעאָ דייטש׳ס אַרטיקעל וועגען לאַסאַל?“

איז דער תירוץ, אז אויב איהר פערגלייכט טאָלסטאָי׳ס מעטאָדע אין זיין שעקספּיער־קריטיק מיט דייטש׳ס צוקונפט־אַרטיקעל וועגען (ריכטיגער געגען) לאַסאַל, געפינט איהר אין דעם פערגלייך כמעט דעם גאַנצען ענטפער אויף אַלץ, וואָס אייך איז קשה געווען לייענענדיג יענעם אַרטיקעל.

שטעלט זיך פאָר:

רעדען רעדט מען וועגען איינעם פון די בעדייטענדסטע מענשען פונ׳ם 19טען יאָהרהונדערט; וועגען איינעם, וואָס זיין ערגסטער שונא בערנהאַרד בעקער ערקלעהרט איהם פאַר דעם מעכטיגסטען אַגיטאַטאָר, זינט לוטהער, וואָס דייטשלאַנד האָט געזעהן; וועגען א מאַן, וואָס האָט אַרויסגערופען בעוואונדערונג פון איין זייט ביי אַלעקסאַנדער הומבאָלדט און וואַרנהאַגען פאָן ענזע און פון דער אנדערער זייט ביי אָטאָ ביסמאַרק און זיינעסגלייכען; וועגען איהם, וואָס האָט געגאָסען מעהר שנאה און פערפאָלגונג פון געגנער און מעהר ליעבע און פערגעטערונג פון אַרבייטער און פרייהייטס־קעמפּפער ווי ערגיץ א מענש אין זיין צייט.

רעדען, זאָג איך, רעדט מען וועגען אַזא מין מענשען און מען בעאורטיילט זיינע ליעבעספערהעלטניסע אַזוי ווי מען וואָלט דאָ געהאַט צו טהאָן מיט, למשל, א היידעלבערגער „שטודיאָזוס“, א ביערפאַס אויף צוויי פיס וואָס שטודירט אַנאַטאָמיע אין לוסטיגע הייזלאַך און לערנט אנדערע זאכען ווען ער איז צופעליג ניכטער.

איז דאָס אָבער ניט אַלעס.

ניט נור בעאורטהיילט מען פערדינאַנד לאַסאַל „כאחד הריקים“, זיך ניט רעכענענדיג מיט זיין אויסערגעוועהנליכע פּערזענליכקייט, נור מען האַלט אפילו ניט פאַר נויטהיג צו נעהמען אין בעטראַכט זיין צייט — נאָך די פערציגער יאָהרען — און זיין לאַגע אַלס איד, אַלס רעוואָלוציאָנער און אַלס דייטשער, אונטער אומשטענדען, וואָס זיינען אין קיין פּרט ניט נאָרמאַל.

ועל כולם רעדט מען וועגען דיעזען מאַן און זיינע ראָמאַנען פערגעסענדיג, אז אָהן אַזא טעמפּעראַמענט, ווי מיר זעהען ביי לאַסאַל אין זיינע ליעבעס־אַנגעלעגענהייטען, וואָלט איבערהויפּט קיין לאַסאַל ניט געווען, ניט אַזעלכער יעדענפאַלס ווי דער וואָס לעבט נאָך איצט פופציג יאָהר נאָך זיין טויט. חוץ דעם פערגעסט מען דערביי, אז דער דורכשניטליכער מענש, חוץ אפשר ווען ער איז א פּרוש פון ראַמאַילעס ישיבה, מאַכט היינטיגע צייטען דורך ניט ווענינער קליינע און גרויסע ראָמאַנען ווי דער זינדיגער לאַסאַל, ובפרט ווען ער איז געזעצליך ניט בעווייבט.

ווען מען רעדט דערפון ניט ביים געוועהנליכען בשר ודם, איז דאָס פשוט ווייל מען רעדט וועגען איהם אין גאַנצען ניט; ווייל ניט זיין ליעבע, ניט זיין לעבען איז פאַר קיינעם ניט אינטערעסאַנט.

3

דער בלינדעסטער פון לאַסאַל׳ס חסידים וועט מוזען מודה זיין, אז דער גייסטיגער גרינדער פון די היינטיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען אין א סך פּרטים זעהר ניט סימפּאַטיש, אַלס מענש. חוץ די „אידישע חוצפה“, וואָס געאָרג בראַנדעס געפינט ביי איהם (און לעגט עס אויס „חוצבה“, מיט א בית, אנשטאַט א פא, אפשר כדי מען זאָל איהם ניט האַלטען פאַר א אידען צווישען אידען), האָט לאַסאַל געהאַט דעם סאָרט גאוה, וואָס דריקט זיך אויס אין „קריכען צום מזרח וואַנד“ — הגם דאָס איז געווען זיין פלאַץ — און אין בעריהמען זיך מיט זיינע טהאַטען און מיט זיין בריה׳שקייט.

עס איז אויך אמת וואָס געג. דייטש ווייזט אָן, היינו, אז ער האָט זיך ביי געוויסע געלעגענהייטען געשעמט מיט זיין אידישקייט.

אָבער וואָס פאַר א פעהלער איהר זאָלט אין איהם ניט געפינען, איז דאָס אַלץ פון יענעם זאָרט חסרונות, וואָס ער האָט אַלס א „קינד פון זיין צייט“, אַלס א „זוהן פון זיין פאָלק“; איז

דאָס בקיצור אַ ראַסען־פּעהלער, אָדער אַ נאַציאָנאַלער פּעהלער.

און דער אמת איז, אַז דער דייטשער איד פון לאַסאַל'ס צייט איז געווען פאַר יעדען גוי (און אפילו פאַר אונז פּוילישע און ליטווישע אידען) זעהר, זעהר אַנטיפּאַטיש.

ער איז געווען, ערסטענס, אין דעם פּרט פון פּאָליטישע רעכטע נאָך דעם יאָהר 1848, אַ מין אויפגעקומענער בעל־הבית, אַן אָקאָרשט עמאַנציפּירטער איד, אַ מענש געבאָרען אין אַ צושטאַנד פון פּאָליטישע רעכטלאָזיגקייט ווי דער דור יוצאי מצרים. דער דייטשער איד — דער יאַהודי — וואָס ווערט נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט צוגעלאָזען צו קיין וויכטיגען אַמט אין דער אַרמעע, למשל, און וואָס קען זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט אַריינשפּאַרען אין די „אמת אַריסטאָקראַטישע“ קרייזען, האָט זיך אין די פופציגער און זעכציגער יאָהרען פונ'ם לעצטען יאָהרהונדערט געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען מענשען. ער האָט געמיינט אַז זיין פּאַפּיערענע עמאַנציפּאַציע האָט איהם ווירקליך געגעבען פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע גלייכהייט; אַז זי האָט איהם געמאַכט, ווי מיר זאָגען, „פאַר אַ מענשען מיט אַלעמען צו גלייך“ און אַז ער קען צוקומען צו די הויכע פענסטער, ניט בלויז אַרויפקוקענדיג פון דרויסען, שטעהענדיג ביים רינע, נור אַרונטערקוקענדיג פון אינווענינ, זייענדיג אַ בן־בית דאָרטען, — אַמאָל טאַקע אַרונטערקוקענדיג אין גאַס אויף די וואָס קענען ניט דערגרייכען די הויכע פענסטער, סאַידען מיט אַ פערשמאַכטען, הונגעריגען, קליינבירגערליכען בליק, — אַרונטערקוקענדיג אויף זיי האַלב מיט פעראַכטונג, האַלב מיט מיטלייד, אָבער אימער מיט שטאָלץ אויף זיין אייגענע ערהאַבענהייט.

און דער דאָזיגער „יאַהודי“ פון די פופציגער און זעכציגער יאָהרען איז דערצו נאָך געווען אַ זוהן פון דער צייט פון פעליקס מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי און אַן אייניקעל פון דער צייט פון דעם אַלטען מענדעלסזאָהן'ס זיהן. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דער דייטשער איד פון לאַסאַל'ס צייט איז געווען פון דער ראַסע, וואָס האָט פון זיך געריסען מיט אַלע כוחות דעם „צלם אלהים“, דעם אידישען, דאָס טוענדיג ענטווועדער דורך אַ צלם בן־אלהים אויפ'ן ברוסט, אָדער דורך דעם, וואָס ער האָט דורך זיין האַס און זיין פעראַכטונג צו זיין פאָלק, צו זיין פערגאַנגענהייט און צו זיין נאַטירליכער סביבה, זיך געסטאַרעט איינצורעדען פריהער זיך אַליין און נאָכדעם אַנדערע, דערהויפּט ניט־אידען, אַז ער שטאַמט אפשר אָב פון אידען, אָבער ער האָט מיט זיי מעהר קיין שום שייכות ניט. ער איז, אויף דעם אופן, ענטוועדער געוואָרען אַ משומד און דערצו זעהר אָפט טאַקע אַ מומר להכעים, אָדער אַ ניט איז ער געוואָרען אויס־איד, ניט ווערענדיג קיין קריסט, לכל הפּחות אין זיינע אייגענע אויגען.

אזוי אָדער אזוי איז ער איצט שוין געווען, אין זיין איינבילדונג, אַ מענש מיט לייטען צוגלייך.

ער, וואָס האָט ביז דאַן מורא געהאַט אויפצוהויבען דעם קול העכער ווי אַ וויספּער, האָט איצט געדעדט הויך ביז צו דער מדרגה פון פרעכהייט. ער, וואָס איז ביז דאַן געגאַנגען געבויגען, אויסמיידענדיג דעם טראָטואַר, הערענדיג פון דער זייט כסדר: „העפּ־העפּ!“ און „מאַך מאָרעס, יוד!“ האָט איצט פערריסען דעם קאָפּ און איז געגאַנגען, אזוי ווי די וועלט וואָלט געווען זיינע. ער, וואָס איז געווען ביז דאַן אַ גהעטטאָ־אָביוואַטעל, האָט זיך גענומען רייסען אין די פּאַלאַצען אַריין און דוקא דורכען פּאַראַדנעם אַריינגאַנג. ער, וואָס האָט פריהער „אין גלות“, מיט זיין גאַנצען לעבען אין דעם שוים פון דער פאַמיליע און דער קהילה אָבגעהיט טהרת־המשפּחה, איז איצט געוואָרען אַ דאָן זשואַן נאָך דער לעצטער מאָדע; אַ מענש, וואָס לויפט נאָך ווייבלאַך און מיידלאַך ניט ווייל ער ליעבט די אָדער יענע, ניט ווייל זיין ליידענשאַפט פיהרט איהם אוועק פון דער היים, נור ווייל אַזוי איז דער מנהג ביי זיי, ביי די דייטשען פונ'ם העכערען מיטעל קלאַס, פונ'ם אַדעל; ווייל לעבען אַנדערש הייסט בלייבען אַן אַלטמאָדישער איד, הייסט זיין אַן אָבגעשטאַנענער, אַ צוריקגעבליבענער, אַ ניט עמאַנציפּירטער, אַ לעכערליכער מענש...

אָננעהמענדיג, אַז די פאָרשטעלונג, וואָס לעאָ דייטש האָט אונז דירעקט און אינדירעקט געגעבען פון לאַסאַל, איז געווען אַ ריכטיגע — און ווי מיר ווענען באַלד זעהן איז דאָס ניט אין גאַנצען אזוי — דאַן ווערט דער פאָרטרעט אַן אַנדערער, אין זיין אויסזעהן און זיין איינדרוק אונטער דער בעלייכטונג וואָס דאָ איז איצט געגעבען געוואָרען. לאַסאַל הייסט דאָס, אַ מיטגליעד פונ'ם העכערען מיטעלקלאַס, „עמאַנציפּירט“ פון זיין אידישקייט, דערצו אַ בחור, איז זיך נוהג כמנהג בחורים פון זיין „סעט“ און דאָס איז אַלעס. און אין זיין סעט דאַרף מען זיין אַ שלימזלניק, אַ פּייגלינג, אַ ניט־לעבעמאַן, אַ פּיליסטער־נשמה, אַ גאָרנישט, ווען מען האָט ניט קיין „אינטימע בעציהונגען“ מיט'ן צערטליכען געשלעכט, איבערהויפּט מיט „דאַמאָטשקעס“. אַרויפזעצען אַ בעזיצער פון אַ שעהנע ווייבעל „הערנער“ איז אין דעם „סעט“ אַן ערהונגענשאַפט מיט וועלכען מען בעריהמט זיך.

דערביי דאַרף מען נאָך געדענקען, אַז לאַסאַל איז חוץ אַלעמען געווען אַ בעריהמטער אַלס געלעהרטער, אַ בעוואונדערטער אַלס רעדנער, אַ וועלטבעקאַנטער פרויען־פערטהיידיגער דורך דעם האַטצפעלד־פּראָצעס, אַ יונגער מאַן מיט אַלטען ווייין אין זיין קעללער, אַ בילדשעהנער מענש

מיט — ווי העלענע האָט איהם שפּעטער בעשריעבען — אַן „אַדלער־אויג׳ אין אַ „צעזאַרענקאָפּ“ און מען קען פערשטעהן אפילו ניט זייענדיג קיין בקי אין דעם היינטיגען גאַלאַנטען סדר נשים, אז ער האָט ניט נויטיג געהאַט נאָכצולויפען נאָך ווייבער, אז זיי זיינען איהם נאָכגעלאָפען און אז ער האָט געקענט וועהלען און קלייבען, כל זמן ווי עס האָט זיך ביי איהם געהאַנדעלט וועגען פלאַמען, וואָס שטייגען אויף און ווערען גלייך פערלאָשען.

4

מיר וועלען באלד קומען צו די שטאַרקערע פלאַמען, ארום וועלכע לעאָ דייטש רעדט, שוין ניט אגב אורחא און געבענדיג אָנצוהערענס, נור טאַקע דירעקט.

עס וועט אָבער ניט שאַדען זיך אָבצושטעלען אויף אַן אינצידענט אין לאַסאַל׳ס לעבען, וועלכער בעווייזט זעהר דייטליך, אז קיין מענש, אפילו ניט דער גרעסטער, קען ניט שטעהן פיעל העכער ווי אנדערע אין זיין סביבה און אז צו אורטהיילען ריכטיג ערגעץ א געשעהענים אין דעם לעבען פון א מענשען מוז מען בעטראַכטען אויף די צייט, אין וועלכער דער בעל דבר האָט געלעבט.

אינטערעסאַנט איז דערביי, וואָס גראַד די טעג איז בעקאַנט געוואָרען א בריעף, וואָס לאַסאַל האָט געשריעבען צו מאַרקס׳ען אין דעם יאָהר 1858, וואָס האָט א שייכות צו דעם פאַל, ארום וועלכען מיר וועלען דאָ רעדען, הגם ער גיט ניט פיעל נייעס.

דער האָזיגער בריעף איז איצט געדרוקט געוואָרען אין דער דייטשער „נייע צייט“ אין דעם העפט פונ׳ם 16טען אָקטאָבער.

די מעשה גופה איז שוין דערצעהלט געוואָרען פון א געוויסען אלפרעד פאַן ווירצבאַך אין 1871, א יאָהר זיעבען נאָך לאַסאַל׳ס טויט.

אָט איז וואָס האָט פּאַסירט:

אינ׳ם זומער פון 1858 האָט א געוויסער פאַבריץ, א מאַן פונ׳ם העכערען מיטעלקלאַס, זיך געפונען אָנגעגריפען פון לאַסאַל. עס איז ניט קלאָר וואָס דער גרונד דערפון איז געוועזען, אָבער מיר ווייסען, אז פאַבריץ מיט זיינעם א חבר זיינען בעפאַלען לאַסאַלען אינ׳ם בערלינער טהיער־גאַרטען. לאַסאַל, וועלכער איז זעלטען אויסגעגאַנגען שפּאַציערען אָהן א געזונדען שטעקען, האָט זיך גוט געוועהרט און די צוויי העלדען האָבען, ווייזט עס אויס, געקראָגען גוט אָנגעבראָכען די ביינער.

דאָס האָט אָנגעמאַכט א גרויסען סקאַנדאַל אין בערלין. עס איז דאַן בעקאַנט געוואָרען, אז צוערסט האָט פאַבריץ לאַסאַלען ארויסגערופען אויף א דועל און לאַסאַל, זייענדיג, ווי ער האָט אויסדריקליך ערקלערט, אלס רעוואָלוציאָנער, א פּרינציפּיעלער געגנער פון דועלען, האָט דעם הערר אינטענדאַנטען־ראַטה פאַבריץ איינפאַך אויסגעלאַכט.

דערמיט אָבער ענדיגט זיך דער עסק ניט. דאָס איז, וואָס מען רופט „א מעשה מיט א ציקעלע.“*)

ווען דער טומעל איז געוואָרען בערוהיגט האָט לאַסאַל אָנגעהויבען צו קלערען, אז אפשר האָט ער פון זיין זייט געדאַרפט ארויסרופען פאַבריצען, כדי דער עולם, וואָס האָט ניט זיין מיינונג וועגען דועלען, זאָל ניט קוקען אויף איהם ווי אויף א פּייגלינג.

ער, וואָס איז קיינמאָל ניט אונענטשלאָסען און ווייס שטענדיג גלייך אויפ׳ן שטעל וואָס צו טהאָן, איז איצט אין א פערלעגענהייט.

און ער שרייבט צו מאַרקס׳ען קיין לאָנדאָן איהם בעטענדיג אז ער זאָל זיך דורכרעדען מיט פריעדריך ענגעלס און מיט לופּוס (דאָס איז מאַרקס׳עס אינטימער פריינד ווילהעלם וואָלף — לופּוס איז א וואָלף אויף לאַטיין — וועלכען ער ווידמעט דעם ערסטען באַנד „קאַפּיטאַל“, איהם אָנרופענדיג „דעם דרייסטען, געטרייען און עדלען פאָרקעמפּפער פונ ם פּראָלעטאַריאַט“). ער, לאַסאַל, וויל האָבען זייער דרייענ׳ס מיינונג וועגען דעם.

איהר וואָלט געוויס מיינען, אז מאַרקס, א רעוואָלוציאָנער, דער אנערקענטער פיהרער פון דער „פּאַרטיי“ — ארום דעם שפּעטער — און איצט, אין 1858 שוין פערציג יאָהר אלט, וועט לאַסאַל׳ען איינפאַך אויסלאַכען.

האָט איהר א טעות.

ווען מאַרקס האָט בעקומען לאַסאַל׳ס בריעף איז ענגעלס געוועזען אין מאַנטשעסטער. ער האָלט אָבער די פראַגע, משמעות, פאַר א צו וויכטיגע, צו נעהמען אויף זיך, די ענטשיידונג. ער שיקט, דערפאַר, לאַסאַל׳ס בריעף צו ענגעלס׳ען קיין מאַנטשעסטער**), וואו וואָלף האָט זיך דאַמאָלס אויך איינגעפונען.

אין דעם בריעף שרייבט ער, ער קען לאַסאַלען ניט ענטפערען ביז ער וועט ניט קריגען צו הערען ענגעלס׳עס מיינונג וועגען דער פראַגע און לופּוס׳עס.

---

*) האָבענדיג געברויכט דעם ווערטעל, וועלכער איז אין דער ליטא שטאַרק אין גאַנג, וואָלט איך זאָגען, אַז דער וואָרט ציקעל האָט דאָ ניט צו טהאָן מיט דער בהמה, וואָס איז א נקבה מיט אַ באָרד. דער וואָרט ציקעלע שיינט מיר צו שטאַמען פון „ציקלוס“ (סאַיקעל) א קרייז, ד. ה., א מעשה מיט א סך מעשה׳לעך אַרום און אַרום — א ציקלוס פון מעשיות.

**) דעם 7 יוני, 1858. זעה דעם „בריעפוועקסעל צווישען ענגעלס און מאַרקס“, צווייטער באַנד, בריעף 451. — דער בריעפוועקסעל אין 4 בענדער, איז ערשיענען פאַר א יאָהרען אין שטוטגאַרט.

„מיין אייגענע מיינונג איז, שרייבט מאַרקס, אז לאַסאַל דאַרף זיך מיט דעם עזעל פּאַבריץ ניט דועלירען ... בדרך כלל גלויב איך, אז אונטער די איצטיגע פערהעלטניסע ... אין דער צייט־געשיכטע, דאַרפען מענשען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי ענטפערן זייערע פּריוואַט־שונאים מיט א שטעקען, מיט'ען פויסט און מיט א בריק מיט'ען פוס, אָבער זיי דאַרפען זיך ניט אריינלאָזען אין דועלען. גאָר אין גאַנצען פאַלש וואָלט עס מיר אָבער שיינען, אז לאַסאַל, וועלכער האָט זיך קאַטעגאָריש ערקלעהרט געגען דועלען אונטער אלע אומשטענדען, זאָל זיך לאָזען ארייננשלעפּען אין אזא זאַך, נור דערפאַר, וואָס די „פיינע" לייט ווילען איהם בערעדען."

מאַרקס'עס בריעף איז לענגער. איך האָב איהם ציטירט נור שטעלענווייז.

צוויי טעג שפּעטער קריגט ער פון ענגעלס'ען א בריעף, וואו די פראַגע ווערט זעהר ערנסט דיסקוטירט פון א פּרינציפּיעלען און א פּראַקטישען שטאַנדפּונקט. ענגעלס שטעלט זיך אָב ספּעציעל אויף דעם, וואָס לאַסאַל איז אָנגעגריפען געוואָרען ניט פון איינעם, נור פון צוויי.

„וואו, שרייבט ענגעלס, צוויי פאַלען אָן אויף איינעם, האָט מען פאַר זיך אזעלכע קאַנאַליעס, ביי וועלכע עהרע און „פעיר פּלעי" (ענגעלס'עס אייגענער אויסדרוק) הערען אויף צו עקזיסטירען און מיט זיי איז וועגען אן עהרענהאַפטען, עהרליכען דועל ניטאָ וואָס צו רעדען. עס איז פּשוט דאָ דאָס ריזיקאָ מעשה־מערדער געהרג'עט צו ווערען."

דאָס איז אויך לופּוס'עס מיינונג. ענגעלס רעדט נאָך מעהר וועגען דער פראַגע אָבער אונז דאָ קען דאָס ניט אינטערעסירען.

וואָס אינטערעסירט אונז אָבער יא איז דער פאַקט, אז ערנסטע מענשען, די זיילען פונ'ם מאָדערנעם סאָציאַליזם, האָבען בעהאַנדעלט א פראַגע ערנסט, ארום וועלכע מען וואָלט זיך געשעמט אפילו צו רעדען אין אונזער צייט, ניט בלויז אין ענגלאַנד און אמעריקא, נור אפילו אויך אין דייטשלאַנד. אין פראַנקרייך איז דאָס, נאַטירליך, אַנדערס.

שטעלט זיך פאָר אז אונזערער א לאַסאַל (וועסט־פּאָקעט־עדישען) ווערט בעליידיגט פון א היגען פּאָליטישען און ער ווענדעט זיך צו אונזערן א מאַרקס (אויך אין מיניאַטור־אויסגאַבע, פערשטעהט זיך) נאָך אן עצה. צו זאָל ער געהן אויף א דועל, אָדער ניט, מיר וואָלטען דאָך זיכער געמיינט, אז עמיצער איז דאָ גאָר איינפאַך פון זינען אראָב!

האָ למדת, אז מען קען ניט ארויסכאַפּען א מענשען פון זיין צייט, זיין סביבה און זיין געשיכטליכע, גייסטיגע און מאָראַלישע ענטוויקלונג און איהם משפּט'ען פּערזענליך פאַר דאָס וואָס ער האָט געטהאָן, אָדער ניט געטאָן.

און כדי ניט צו פערגעסען, לאָמיך דאָ גלייך אָבפּטר'ן די „פּאַרטיי"־פראַגע.

רעדענדיג וועגען לאַסאַל'ס ראָמאַן מיט דער סאָלנצעווא, האָלט געג. דייטש פאַר נויטיג צו מאַכען די בעמערקונג, אז ווען לאַסאַל רופט זיך אין א בריעף צו זיין געליעבטע „פּאַרטיי־פיהרער", איז דאָס „פּשוט ניט אמת, ווייל אין 1860 איז נאָך קיין פּאַרטיי ניט געוועזען און לאַסאַל איז קיין פיהרער ניט געוועזען. אָבער עס איז גאָר קיין ספק ניטאָ, אז לאַסאַל האָט דאָ אריבערגעכאַפּט די מאָס, וועלענדיג בעווייזען וואָס פאַר א העלד ער איז."

ווי מען זעהט פון דעם אינצידענט, וועלכען איך האָב דאָ דערצעהלט, האָט געג. דייטש א טעות און ער דאַרף נור דורכבלעטערן דעם באַנד פון מעהרינג'ס „נאַכלאַס", וואו עס זיינען אָבגעדרוקט אַלע בריעף, וואָס לאַסאַל האָט געשריעבען צו מאַרקס און ענגעלס און ער וועט נאָך דייטליכער זעהן, אז עס איז געוועזען אזאַ פּאַרטיי נאָך פאַר דער גרינדונג פונ'ם „אלגעמיינעם דייטשען ארבייטער־פעראיין". איך וועל געגאָסע דייטש, נאַטירליך, דערפון קיין קרימינאַל־פּראָצעס ניט מאַכען. אין דעם פּרט האָט שוין די רוסישע רעגיערונג געטהאָן געגען איהם גענוג און איבער גענוג. דאָס בעווייזט אָבער, אז געג. דייטש האָט זיך צו דער זאַך ניט גענומען מיט דעם ערנסט וואָס מען וואָלט פון איהם געקענט ערוואַרטען.

וואָס איז שייך צו דער פיהרערשאַפט איז די מעשה זעהר איינפאַך. דער גייסטיגער פיהרער פון דער פּאַרטיי איז געוועזען מאַרקס, אָבער אזוי ווי ניט ער, ניט ענגעלס איז געוועזען אין ענגלאַנד, האָט זיך לאַסאַל מיט רעכט געהאַלטען פאַר א פיהרער אויב ניט פאַר ד ע ם פיהרער.

און זיך אָבשטעלענדיג אויף נאָך איין מאָמענט אין דער דועל־פראַגע, קען אפשר אינטערעסירען אונזערע לעזער צו וויסען, אז לאַסאַל האָט, דורך אייפערזוכט געגען א שילער פון זיין קלאַס, וואָס האָט, ווייזט עס אויס, „געליעבט" דיעזעלבע מיידעל ווי ער, שוין ארויסגערופען א „מענשען" אויף א דועל, ווען ער איז נאָך ניט געוועזען עלטער ווי צוועלף יאָהר. אין דייטשלאַנד, אין דעם יאָהר 1877, האָב איך געהערט א גאַנצע לעגענדע וועגען דעם, אָבער איך האָב איהר דערווייל אין ערגיץ ניט געפונען בעשטעטיגט.

די מעשה גופא געפינט זיך ביי אנקען אין זיין לעבענס־בעשרייבונג פון לאַסאַל (ז. 13).

5

איצט קומען מיר ענדליך צו יענע פון לאַסאַל'ס ליעבעס־געשיכטען, וועלכע האָבען ווירקליך געלאָזען א רושם אויף זיין וואונדערבארע קאַריערע.

דריי פרויען האָבען זיך אין דעם פּרט אויסגעצייכענט. די ערסטע איז געוועזען די גרעפין האַצפעלד, די צווייטע סאָפיא סאָלנצעווא און די

דריטע העלענע פאָן דעניגעס, די שפּעטערדיגע העלענע פאָן ראַקאָוויצאַ, וועלכע איז נאָך שפּע־טער געוואָרען מאַדאַם שעוויטש, די פרוי פון א רוסישען בעדייטענדען זשורנאַליסט און רעדנער, וואָס האָט א לאַנגע צייט געשפּיעלט א בעדייטענ־דע ראָלע אין אונזער היגע סאָציאַליסטישע בע־וועגונג. אין דער צייט, לאָמיך דאָ גלייך זאָגען, ווען שעוויטש האָט דאָ גערעדט פאַר די פּאַרטיי אלס איהר גרעסטער רעדנער פון פיעל פלאַטפאַר־מען האָט לאַסאַל'ס געוועזענע געליעבטע, זי, דורך וועלכע ער האָט פערלאָרען זיין לעבען, גע־שריעבען פאַר אונזער דייטשען פּאַרטיי־אָרגאַן, די „ניו יאָרקער פאָלקסצייטונג."

נור לאָמיר געהן כסדר.

וואָס איז שייך צו די ערסטע פון די דריי, די גרעפין האַצפעלד, וועל איך זיך דאָ ניט פער־ברייטען. קודם איז איהר פערהעלטנים צו לאַ־סאַל'ן קיינמאָל ניט געווען וואָס מען רופט א ראָמאַן. עס איז זעהר לייכט מעגליך, אז זי איהם האָט ווירקליך געליעבט, אָבער אזוי ווי זי איז געווען צוואַנציג יאָהר עלטער, האָט זי יעדענ־פאַלס דאָס קיינמאָל ניט ארויסגעוויעזען. חוץ דעם האָב איך צוריק, מיט א יאָהר 12 (פעבר. 1902) טאָקע אין דער „צוקונפט" אויספיהרליך בעשריעבען די געשיכטע פון „לאַסאַל און די גרעפין" און עס ווילט זיך ניט דערצעהלען די־זעלביגע מעשה נאָך אמאָל.

דאָס איינציגע וואָס איך וועל דאָ וויעדער־האָלען איז דער פאַקט, אז נאָכדעם ווי די גרע־פין האָט זיך געשיעדען מיט איהר מאַן, זיך, פון דעסטוועגען, מיט איהם ניט גט'ענדיג, האָט זי געהאַט ארום זיך זיינע שפּיאָנען ביז לאַסאַל'ס טויט. דער גראַף איז אויסען געווען צו געפינען א חטא אויף איהר, כדי זיך צו קענען מיט איהר גט'ען און ווען זי וואָלט געלעבט מיט איהר יונגען פריינד, וואָלטען דאָס דעם גראַף'ס מרגלים ארויסגעפונען.

זי האָט איהם אימער גערופען „קינד" און ער זי — „מוטער", ליעבע מוטער. איהר פלעגט ער דערצעהלען אלע זיינע ליעבעס געשיכטען און זי האָט איהם געהיט ווי א מאַמע א קינד.

געוויס, עס וואָלט לאַסאַל'ען ניט קלענער און ניט ביליגער געמאַכט אין אונזערע אויגען ווען זיין פערהעלטנים מיט דער גרעפין וואָלט געווען אן אינטימערע. עס איז ניט אונזער עסק. ליעבע, ווי רעליגיע, איז א פּריוואַט זאַך.

דאָס האָט יעדענפאַלס ניט געשטערט ניט מאַרקס'ען און ניט ענגעלס'ען אין זייערע בעצי־הונגען צו לאַסאַל'ען. אמת, זיי זיינען ניט גע־ווען זעהר צופריעדען מיט זיין אַקטיעהריגע טהע־טיגקייט פאַר די גרעפין, בעקעמפפענדיג מיט אלע מיטלען — מאַנכע עטוואָס ריזיקאַלישע — דעם גראַף מיט זיינע מלאכי־חבלה. זיי האָבען אין אָנהויב, ווייזט עס אויס, געגלויבט, אז פאַר א רעוואָלוציאָנער פּאַסט כלל ניט זיך צו מישען אין פערזענליכע אינטריגעס פון אריסטאָקראַ־טישע פאַמיליען. אָבער שפּעטער האָבען זיי זיך ביידע געלאָזט איבעררעדען און ווי מען זעהט פון לאַסאַל'ס בריעף צו מאַרקסען — מאַרקס'עס צו לאַסאַלען האָבען מיר ניט — זיינען די ביי־דע „גראָמבלערס" ענדליך געוואָרען גוטע פריינד מיט דער גרעפין און זיי פלעגען אָפט איהר שיקען „הערצליכע גרוסען", שרייבענדיג צו לאַ־סאַלען, און מיר האָבען זעהר אינטערעסאַנטע בעמערקונגען, וואָס זיינען פון איהר צוגעשרי־בען געוואָרען צו לאַסאַל'ס בריעף צו מאַרקס'ען. אפילו פרוי מאַרקס האָט זיך געהאַלטען זעהר פריינדליך צו דער גרעפין.

אין דעם פּרט זינדיגט גענ. דייטש ניט זעהר שטאַרק. ער האָט אָבער ניט רעכט ווען ער זאָגט, אז צוליעב דער גרעפין האָט לאַסאַל גענומען לע־בען אין לוקסוס א. אז. ו. מען דאַרף נור לעזען זיינע „אינטימע בריעף" צו זיין משפחה און מען וועט לייכט זיך איבערצייגען, אז דאָס איז ניט ריכטיג, ווייל ער האָט האָלד געהאַט צו לע־בען א גוטען טאָג פון קינדהייט אויף.

גאָר אין גאַנצען אין טעות איז לעאָ דייטש ווען ער זאָגט:

„און נאָך א טובה האָט ער (לאַסאַל) גע־האַט פון (האַצפעלד) פּראָצעס: אלס בעלוינונג האָט ער בעקומען א גאַנץ היבשע לעבענסלענגלי־כע פּענסיע, וואָס האָט איהם בעפרייט פון אלע מאַטעריעלע זאָרג. ביי דיזער געלעגענהייט ווע־לען מיר דערמאָהנען, אז לאַסאַל פלעגט אָפט רעדען וועגען דעם, ווי שענדליך עס איז צו האַנדלען מיט דער פּרוכט פון גייסטיגען שאַפען. אויף אזא אופן זיינען קאַנט, פּיכטע, העגעל, מאַרקס, וועלכע האָבען געקראָגען בעצאָהלט פאַר זייערע ווערק, געווען פערברעכער. יאַ, איהם איז געווען גוט צו רעדען, נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען פערזאָרגט מיט א פּענסיע. און אויך אין דעם פיהלט זיך דער אריסטאָקראַט פון קויפמאַ־נישען יחוס."

ניין, דאָ פיהלט זיך גאָר נישט, חוץ א באָבע־מעשה, וואָס עמיצער האָט אונזער גוטען אַלטען פריינד דערצעהלט און ער האָט דאָס גע־נומען פאַר כסף עובר לסוחר, ווייל ער האָט לאַסאַלען, קענטיג, זעהר ניט ליעב.

אין דער צייט פון זיין אגיטאַציע האָט לאַ־סאַל אמאָל זעהר גיפטיג גערעדט געגען די פּרע־סע און די מענשען, וואָס פערקויפען זייער נשמה פאַר געלד.

ער האָט אָבער, ערסטענס, געהאָלפען, אָדער אָנגעבאָטען צו העלפען מאַרקסען ארויסגעבען זיין „קאַפּיטאַל" כדי צו קריגען פאַר זיין פריינד וואָס בעסערע קאָנדיציעס, ציהען וואָס מעהר געלד.

צווייטענס, האָט ער געאַרבעט, אז מאַרקס זאָל קענען שרייבען און מאַכען א לעבען אין א צייטונג וואָס זיינער א קאַזין האָט געזאָלט גרינ־

דען אין וויען. ער שרייבט צו מארקסען ער זאָל, למען השם, ניט זיין צו בעשיידען, ער זאָל פערלאַנגען דעם העכסטען פּרייז ווייל, שרייבט ער, מיין קאָזין איז רייך און וועט זיך מיט דיר ניט דינגען.

6

זיין גרויסע ליעבע צו דער רוסישער מיידעל סאָפּיא סאָלנצעווא איז אין אַלגעמיין ריכטיג איבערגעגעבען אין אונזער פריינד'ס ארטיקעל. מעהר נישט דער טאָן איז ניט דער ריכטיגער.

ניט אזוי רעדט מען וועגען א גרויסע, אמת'ע ליידענשאַפט ביי א גרויסען אמת'ען ליעבהאָבער.

דייטש אליין רעדט פון א „וואולקאנישע ליידענשאַפט" (אמת אין ציטירונגס-צייכענסט, ווי דאָ) וואָס „האָט אויפגעשטורמט אין זיין ברוסט."

און דאָס ווערט ביי איהם איינגעלייטעט מיט די ווערטער, אז אין מיטען פון זיינע ווי־סענשאפטליכע פּראָבלעמען האָט לאַסאַל געפונען צייט צו „שפּיעלען ליעבעס". אין דיעזען טאָן געהט ער ווייטער, ציטירענדיג לאַסאַל'ס לאַנגען בריעף, מאַכענדיג חוזק פון דעם שרייבער פון אָנהויב ביז'ן אויסלאָז.

איך האָב קיינמאָל ניט געלעזען סאָלנצעוואַ'ס אַרטיקעל אין'ם „וויעסטניק יעווראָפּי", וועלכען געג. דייטש ציטירט. איך האָב אָבער די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ, וועניגסטענס פון זיין זייט, אַלע בריעף, וואָס לאַסאַל האָט געשריעבען צו סאָפּיא סאָלנצעווא.

דאָס איז ערשיענען אין 1878 ביי בראָקהויז אין לייפּציג, אָבער אין פראנצויזיש געשריבען — און ניט זעהר גוטע פראנצויז, לאָמיך אגב אורחא זאָגען — ווייל די סאָלנצעווא האָט ווי עס ווייזט אויס ניט פערשטאַנען קיין דייטש.

דער בריעף, פון וועלכען געג. דייטש נעהמט ארויס פערשיעדענע ציטאַטען, פערנעהמט אין דעם ביכעל איבער זעכציג פּיידזשעס.

ווען איהר לייענט דעם דאָזיגען בריעף ניט שטיקלעכווייז, נור אין גאַנצען, קריגט איהר ארויס א גאַנץ אנדער איינדרוק ווי דעם, וועלכען אויך אייך מאַכט דער „צוקונפט"-ארטיקעל. אָבער דאָס איז טאַקע מיין צרה. דער איינציגער וועג צו פערריכטען דעם איינדרוק איז איבערצוגעבען דעם גאַנצען בריעף ווי ער שטעהט און געהט און דאָס איז פערשטעהט זיך אוממעגליך, ווייל ער וואָלט פערנעהמען פולע 20 זייטען אין דער „צוקונפט."

איידער מיר געהען ווייטער, לאָמיך אָבער זאָגען אָט וואָס:

א מאַן פון 35 יאָהר שרייבט צו א יונגע מיידעל א לאַנגען בריעף. ער שרייבט איהם ניט אין זיין אייגענע שפּראַך, נור איז א פרעמדע. ער פיהלט אליין און זאָגט עס איהר, אז ער קען זיך אין דעם דאָזיגען פרעמדען לשון ניט פריי, ניט גאַנץ אויסדריקען. הייסט דאָס, אז ער שרייבט דאָס ניט צו דרוקען און עהרגייציג ווי ער איז, און פיעל ווי ער האַלט פון זיך, שרייבט ער, זייענדיג זיכער, אז דאָס וועט קיינמאָל ניט קומען אין דער עפענטליכקייט. ער וואָלט פשוט ניט געוואָלט האָבען זיין פראַנצויזיש—און צווי־שען זיך רעדענדיג זינדיגט ער אָפּט אַפילו געגען די פראַנצויזישע גראַמאַטיק — איבערגעדרוקט.

חוץ דעם קומט די גאַנצע מעשה פאַר אין 1860. ער איז דאַן נאָך ניט דער לאַסאַל, וועלכען די וועלט קען היינט. אפילו זיין גרעסטעס ווערק „דאָס סיסטעם דער ערוואָרבענען רעכטע" איז נאָך ניט ערשיענען, הגם ער איז שוין בעריהמט דורך זיין הערַאקליט. די בעוועגונג פאַנגט אָן צוויי יאָהר שפּעטער.

איצט שרייבט דיעזער מאַן א בריעף, אין וועלכען ער שילדערט איהר זיין גאַנצען לעבען — מיר וועלען באַלד זעהן ווי אזוי ער טהוט עס — און מיר אורטהיילען וועגען דעם ווי? ניט ווי וועגען א פּריוואַט בריעף צו א יונגע מיידעל, וואָס דער שרייבער האָפט צו הייראַטהען, צו א מיידעל, וועלכע האָט אפשר וועגען איהם קיינמאָל ניט געהערט און אויף וועלכע ער וויל מאַכען אַן איינדרוק. ניין, מיר אורטהיילען וועגען דעם ווי וועגען אַן ארטיקעל געשריעבען פאַר די „דייטשע רונדשוי" אָדער טאַקע דעם „וויעסטניק יעווראָפּי", אַן ארטיקעל געשריעבען פון... ניט פון דעם אין אַלגעמיין נאָך וועניג בעקאַנטען פּערפאַסער פון'ם „הערַאקליט", נור פון דעם וועלטבעריהמטען אגיטאַטאָר, וואָס האָט אויפגעוועקט א וועלט און האָט געשפּיעלט קאַצען־מויז מיט ביסמאַרק, דעם מאַן פון בלוט און אייזען, דעם מעכטיגסטען שטאַאַטסמאַן פון זיין צייט.

הערט, הייסט עס, ווי אזא מאַן רעדט! ווי ער בעריהמט זיך פאַר א יונג קינד!!

אָט אזוי קלינגט אונזער פריינד'ס שילדערונג, הגם מען קען ניט זאָגען אז ער האָט חלילה עטוואָס געפעלשט, אָדער עטוואָס בכיון פערדרעהט.

וואָס איז שייך צו דעם בריעף גופו, איז פריהער פאַר אַלץ נויטיג פאָלגענדעס צו וויסען:

לאַסאַל קומט אזוי ווייט אין זיין ליעבע צו סאָפּיען, אז ער וויל פון איהר האָבען א בעשטימטען ענטפער: יא, אָדער ניין. נאָך מעהר. ער וויל אַן ענטפער אי פון איהר אליין, אי פון איהר פאָטער.

ער וויל אָבער, אז זי זאָל איהם זאָגען יא אָדער ניין נאָך א גענויע רייפע איבערלעגונג. כדי איהר צו העלפען קומען צו א בעשלוס, האַלט ער פאַר נויטיג, אז זי זאָל וויסען ווער און וואָס ער איז אין יעדער הינזיכט; האַלט ער פאַר נויטיג פאַר איהר צו עפענען זיין ספר החיים, צו בלעטערען פאַר איהרע אויגען אין זיין לעבענסגעשיכטע.

דאָס איז פאַר איהם וויכטיג ניט אזוי שטאַרק בנוגע צו דער גוטער זייט, ווי בנוגע צו דער שלעכטער. דאָס הייסט, ער האַלט ניט בלויז פאַר נויטיג אז זי זאָל וויסען וואָס פאַר גדולה און כבוד און גליק זי קען ערוואַרטען, ווען זי וועט מיט איהם חתונה האָבען, נור אויך, וואָס פאַר פערפאָלגונגען, בעשימפּפונגען און אונטערדריקונגען עס קען איהר אויסקומען מיט איהם צו האָבען אין איינעם.

און ביי דעם אַלעם איז זי אין זיינע אויגען, ווי זי איז אין אמת'ען, א יונג קינד, וואָס ווייס נאָך זעהר ווענינ, וואָס האָט ניט קיין בעגריף פון דעם פּאָליטישען, סאָציאַלען און רעליגיעזען לעבען אין דייטשלאַנד, א מדינה אזוי גרונד־פערשיעדען פון איהר פאַטערלאַנד.

ער דערצעהלט איהר אין דיעזען בריעף — געדענקט, אין דיעזען פּריוואַט בריעף! — זאַכען, וואָס א טייטשקע פון זיין קלאַס יואָלט אפשר אליין געוואוסט. ער דערצעהלט איהר דאָס אַלץ, ווייל ער וויל זי זאָל איהם קענען, און ער זשענירט זיך ניט, ווייל איהם פאַלט ניט איין, אפילו אין חלום ניט, אז גענ. דייטש און איך וועלען אמאָל דעם בריעף לעזען און דיסקוטירען און דאָס נאָכדעם ווי לאַסאַל, דער געלעהרטער, דער חריף און דער מחבר פון „העראַקליט", איז שוין געוואָרען לאַסאַל דער פאָלקס־טריבון, לאַסאַל דער גרינדער פון די היינטיגע גרויסע סאָצ. דעמאָקראַטיע, ד. ה., נאָכדעם ווי דער בעקאַנטער אין געוויסע קרייזען איז געוואָרען א וועלט־בעריהמטהייט.

און אזוי דערצעהלט ער איהר אין דער 60 פּיידזשיגער בראַשורע, וואָס ער רופט א „מאַנוסקריפּט־בריעף", נאָכדעם ווי ער שילדערט, ווי אזוי מען דאַרף איהם ליעבען, ווייל ער פערלאַנגט זעהר פיעל, ווייל פרויענליעבע פאַר איהם איז א פערצעהרענדער פלאַם, וואָס וואַקסט דורך שטערונגען א. אז. וו. — נאָכדעם ווי ער טוט דאָס אין אַלגעמיינע שטריכען, זאָגט ער איהר אויף א סיסטעמאַטישען אויפן פאָלגענדעס:

ע ר ס ט ע נ ס, אז ער איז א מענש, וואָס „האָט געווידמעט זיין לעבען צו א הייליגע זאַך, צו דיענען דעם פאָלק ביז אין די לעצטע קאָנזעקווענצען. דאָס איז א זאַך, וואָס מוז ענדליך טריאומפירען נאָך אין דיעזען יאָהרהונדערט (!), אָבער וועלכע וועט בעגעגענען הינדערניסע אויף איהר וועג און וועט זיין פול מיט געפאַהרען פאַר איהרע נאָכפאָלגער... עס קענען אין דעם קאַמפּף (פאַר די דאָזיגע הייליגע זאַך) זיין געפאַהרען פאַר איהם פערזענליך, וועלכע ער וועט ניט אויסמיידען ווי „גרויס זיין ליעבע זאָל ניט זיין פאַר א פרוי." „מיין פערמעגען, זאָגט ער ווייטער, מיין פרייהייט, מיין לעבען אפילו קענען זיין שטענדיג אין געפאַהר. ווען איהר הייראַט מיט מיר, בויט איהר אייער הויז אויף דעם שפּיץ פון א וואולקאַן."

„וועט איהר, פרעגט ער, האָבען דעם מוטה אריבערצוטראָגען אַלעס, אויסוואַנדערונג, געפענגניס, רואינירט־ווערען, דלות און אפילו דעם טויט?"

איי, ווי עס ווילט זיך איבערזעצען די גאַנצע שריפט, וואָרט פאַר וואָרט!

אָבער מיר מוזען געהן ווייטער:

צ ו ו י י ט ע נ ס, זיין אידישקייט. דאָ דערצעהלט איהר לאַסאַל, אז זיינע עלטערן זיינען אידען, אָבער אז ער פיהלט זיך נאָך וועניגער אַלס אידיש־קינד ווי אפשר זי אַליין. אָבער ער קען פון דער אידישער אמונה — און פאַר איהם איז א איד נור דער מאמין אין תורת משה, ווייטער גאָרנישט — ניט ארויסגעהן ווייל ער וועט מוזען אָננעהמען די קריסטליכע אמונה, און דאָס וואָלט פאַר איהם געווען צבוע'צטווע... אזוי היפּאָקריטיש צו האַנדלען וואָלט אויך זיין געגען די פּרינציפּען פון זיין פּאַרטיי.

... אויב ער זאָל זיך שמד'ען, וועט דאָס זיין פאַר איהם מעגליך נור ווייל ער וואָלט דעם גאַנצען עסק האַלטען פאַר א פּוסטע צערעמאָניע... ער וואָלט דאָס אָבער העכסטענס טאָן פון איהרע עלטערנ'ס וועגען, אויף קיין פאַל ניט צוליעב איהר אַליין. פון איהר ערוואַרטעט ער, אז זי וועט פון איהם אַזא אָפּפער ניט אָננעהמען.

ד ר י ט ע נ ס, שילדערט ער איהר זיין סאָציאַלע לאַגע, איהר דערצעהלענדיג ווי אַזא מאַן ווי אַלכסנדר הומבאָלדט האַלט פון איהם, — ער און אנדערע בעריהמטע מעננער.

ער מאַכט איהר אויך קלאָר אז זיינע שונאים זיינען געגען איהם ווי זיינע פריינד זיינען פאַר איהם; אז בעת איין קלאַס ליעבט און אַכטעט און פערגעטערט איהם, איז דאָ אנאַנדער קלאַס וואָס האַסט איהם. אפשר ווייל אין גרונד־האַרצען האַלטען זיי נאָך מעהר פון איהם ווי יענע און האָבען מורא פאַר איהם... דערפאַר אָבער בעליידיגען זיי און בערעדען איהם אויף דעם געמיינסטען אופן. — דאָ קומט ער צוריק צו זיין אידישקייט און ערקלעהרט אז דער היינטיגער איד איז א שקלאַף וואָס שטאַמט פון א גרויסע ראַסע און ער האָט פיינט שקלאַפּישע נאַטורען.

פ י ע ר ט ע נ ס, זאָגט ער איהר, אז זיי וועלען מוזען לעבען אין א בעשרענקטער געזעלשאַפט, ווייל ער האָט פיינט א סך גלייכגילטיגע מענשען ארום זיך, וואָס דאָס שטערט איהם ניט צו ליעבען די מענשהייט בכלל.

דאָ פיהלט זיך דער פּחד פון א מאַן פאַר זיין קינפטיגע פרוי, היות אזוי ווי זי וועט זיין צוואַנציג יאָהר אינגער פאַר איהם.

פ י נ פ ט ע נ ס, דיסקוטירט ער מיט איהר די פראַגע פון פינאַנצען אין דעם פאַמיליענלעבען וואָס ער האָט צו פיהרען מיט איהר.

דער תמצית פון א גאַנץ לאַנגע בעשפּרע־

כונג אין דיעזען פונקט איז, אז ער וועט איהר זעהן צו בעפריעדיגען אפילו איהרע קאפריזען, אָבער זי וועט אליין מוזען בעשרענקען איהרע ווינשע, אויב זיי זאָלען ניט אויפעסען זייער פערמעגען פאר דער צייט א. אז. וו.

ז ע ק ס ט ע נ ס, דערצעהלט ער איהר אויספיהרליך וועגען זיין פערבינדונג מיט דער גרעפין האַטצפעלד. דאָס פערנעהמט ביי איהם גאַנצע 25 זייטלעך און איך האָף, אז אימיצער וועט די מעשה איבערדערצעהלען אויף אידיש פאַר אונזערע לעזער. *)

ער זאָגט איהר, וואָס מען האָט שוין פריהער געלעזען אין דיעזען אַרטיקעל, היינו, אז ער איז צו איהר קיינמאָל ניט געווען מעהר ווי א ליעבענדער זוהן, אָבער אז ער ליעבט זי דריימאָל אזוי פיעל ווי זיין אייגענע מוטער, הגם ער איז זעהר א גוטער, ליעבענדער זוהן צו זיינע עלטערן.

7

דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם בריעף, וועלכען אונזער פריינד דייטש נוצט אויס צו געבען פערדינאַנד לאַסאַל אזוי פיעל שנעלען אין נאָז ווי ער קען נור.

אין פערלויף פון זיין קריטישע שילדערונג דערצעהלט ער אונז אז לאַסאַל איז זיך מודה, אז ער „וואָלט פעהיג געווען צו הייראַטען א פרוי מיט דריי־פיער מיליאָן זיך ניט רעכענענדיג מיט איהר פערזענליכקייט, ווייל געלד איז מאכט.“

גענ. דייטש בעמערקט דערצו:

„איך גלויב, פון דעסטוועגען, אז אויף ביעלינסקי'ן, טשערנישעווסקי'ן, מארקס'ען איז דער ציעל טייער געווען פונקט ווי לאַסאַלען, בעזונדערס ווי לאַסאַלען פון 1860, אָבער קיינער פון זיי וואָלט זיך ניט „מוסר־נפש“ געווען צו הייראַטען מיט 3־4 מיליאָן.“

איז אָבער דערצו נויטהיג אָט וואָס צו בעמערקען:

מיט פופציג יאָהר צוריק איז אזא סומע ווי דריי־פיער מיליאָן דאָלאר (écus) געווען א סך מעהר געלד, ווי היינט דרייסיג־פערציג מיליאָן, ווייל די היינטיגע ראקעפעלער'ס און קאַרנעגיעס זיינען נאָך ניט געווען דענקבאַר. ווען אימיצער האָט גערעדט פון אזא סומע, האָט ער גע־חלומ'ט, גאַנץ גוט וויסענדיג אז ניט דער גריכישער קרעזוס, ניט אונזער אייגענער קרח האָבען קיינמאָל אזעלכע אוצרות ניט געהאט. אפילו אין דער ראטהשילד פאַמיליע איז נאָך דאַן זיכער ניט געווען א כלה מיט 3־4 מיליאָן דאָלאר נדן.

אויב לאַסאַלען איז גאָר אויף די געדאַנקען געקומען אזא מין חלום, איז דאָס נור געווען ווייל ער האָט אפשר שוין דאַן געטרוימט פון פראָדוקטיווע אסאָסיאַציעס מיט שטאַאטס קרעדיט, אָדער אפשר מיט פריוואט הילף. אזא מין חלום וואָלט ניט געשטערט דעם שלאָף ניט פון מאַרקס, ניט פון ביעלינסקי און ניט פון טשערנישעווסקי. לאַסאַל, אלס א „פּראַקטיקער“ און מיט שולצע פאַן דעליטש און זיינע קאָ־אָפּעראַציעס פאר די אויגען, האָט געקענט האָבען חלומות א־לאַ ראָבערט אָוען, זייענדיג א שילער פון מאַרקס, וואָס ניט ער און ניט יענע צוויי גרויסע רוסען האָבען ניט געקענט האָבען.

חוץ דעם דאַרף מען הערען וואָס לאַסאַל אליין זאָגט. מען דאַרף ניט פערגעסען, אז ביי איהם וועט אויף דעם ציטירטען אָרט דיסקוטירט די פראַגע ווי מען דאַרף קוקען אויף געלד. ער זאָגט, אז געלד איז פערעכטליך ווען עס שטערט, „ווען עס קומט אין קאנפליקט“ מיט א גרעסערע, א נאָבעלערע זאַך וואָס איז טייערער פאַר מיר.“ געלד „אַן און פיר זיך“ איז איינפאַך איינס פון די גרעססטע מיטלען פון טהעטיגקייט אין דער וועלט און איך קען עס, דאָס געלד, אָבשאַצען נאָך זיין ווערט נאָך.

דאַן איז ער זיך מודה, אז — און דאָ ציטיר איך לאַסאַלען ווערטליך — „איך וואָלט אפשר געווען פעהיג צו הייראַטען א פרוי וואָס וואָלט מיר ברענגען 3־4 מיליאָן דאָלאַר (9 ביז 12 מיליאָן מאַרק, פערשטעהט איהר!) זיך ניט קימערנדיג וועגען איהר פערזאָן.“

און ער ערקלעהרט עס מיט די ווערטער, אז ביי אזא סומע ווערט שוין געלד א מ אַ כ ט (דאָס וואָרט מאַכט איז ביי איהם אויך אונטערגעשטריכען!) א. אז. וו.

דאַן, געהענדיג ווייטער, זאָגט ער: אפשר וואָלט איך צו זיך געזאָגט: „דו קענסט מיט אזא פערמעגען העלפען דיינע גרויסע וויסענשאפטליכע, אַרטיסטישע און, דער עיקר, דיינע פּאָליטישע צוועקען. דאַן וואָלט איך אפשר מיט אזאַ פערזאָן (מיט דער רייכער פרוי) געמאַכט א שותפות פאר אזעלכע צוועקען, וואָס האָבען ניט קיין שייכות מיט חתונה, און, דערפאר, וואָלט מיר איהר פערזאָן געווען ציעמליך גלייכגילטיג.“

דאָס קלינגט שוין אביסעלע אנדערס, און דאַן דריי וויכטיגע „א פ ש ר ' ס“, גענ. דייטש.

אין דעם אָרט, וואו לאַסאַל זאָגט אז ער האָט אידען ניט האָלד, האָט אונזער פריינד געמעגט ציטירען די פאָלגענדע שטעלע אין דעם לאַנגען בריעף:

„אייערע לאַנדסלייט, סאָפיע, וועלען אייך פעראַכטען ווייל איהר האָט גענומען א אידען, אָבער איהר, וואָס איהר שטאַמט פון פירשטען, וועט הייראַטען איינעם, וועלכער — עס איז אמת — וואָלט קענען, אויב אָבשטאַמונג גיט

---

*) ווען איך האָב געשריעבען פאר די „צוקונפט“ אין 1902 דעם אַרטיקעל „לאַסאַל און די גרעפין“, האָב איך דיעזען בריעף ניט געהאַט געלעזען.

אַ רעכט צו שטאָלצירען, זיין שטאָלצער פאַר איך אַלעמען, ווייל ער קומט אַרויס פון אַ ראַסע מיט יאָהרהונדערטע עלטער ווי אַלע אייערע פירשטען און אַדעלליית; אַרויסקומענדיג פון דעם ערסטען גרויסען פּאָלק, וואָס איז אויפגעטרעטען אַלס ציוויליזאַטאָר אין דער וועלט־געשיכטע.״

ווי געזאָגט, עס וואָלט ניט געשאַדט פאַר איין גאַנג שוין דאָס אויך צו ציטירען.

8

קומענדיג צום קאַפּיטעל מכה לאַסאַל׳ס טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט זיין ליעבע צו העלענע פאָן דעניגעס, ווערט מיר אַ ביסעל ענג אין מח.

די גאַנצע מעשה, ווי אונזער פריינד דערצעהלט זי, דאַרף איבערדערצעהלט ווערן כדי אַרויסצובערענגען דעם איינדרוק וואָס אפילו בערנהאַרד בעקער׳ס בעשרייבונג מאַכט.

גענ. דייטש כאַפּט אַרויס עפּיזאָדען פון אַ לאַנגען ראָמאַן — ווי ער קומט אויס ביי העלענען גופה, אין די צוויי ביכער, וואָס זי האָט וועגען דעם ענין געשריעבען — און זיך אָבשטעלענדיג אויף דיעזע עפּיזאָדען אליין, מאַכט ער לאַסאַל׳ען לעכערליך.

געוויס, דאָס וואָס ער דערצעהלט איז אמת, אָבער ניט דער גאַנצער אמת, און אפילו אין אַ דירעקט פיינדליכען אַרטיקעל וואָלט מען ניט קענען ציהען שליסע פון אויסגעקליבענע שטיקלאַך און ברעקלעך.

צו געבען דעם לעזער אַ ריכטיגען בעגריף פון דער זאַך, וואָלט נויטיג זיין צו דערצעהלען די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז׳ן אויסלאָז מיט אונפּאַרטייאישע, אויב ניט פריינדליכע ווערטער, מיט אַנדערע טראָפּ און מיט אַנאַנדער נגון.

מאַטעריאַל איז דאָ נאַטע־גענוג. ווען ניט די פערפלוכטע מלחמה, וואָלט איצט געווען די צייט די געשיכטע צו בעשרייבען.

צו זיין פופציגטען יאָהרצייט, האָבען איהם אידישע סאָציאַליסטען געמעגט שטעלען אַ ליטעראַרישע מצבה אין דעם דערוויל נאָך ניט זעהר רייכען טעמפּעל פון אונזער ליטעראַטור. אָבער ווער טראַכט איצט דערפון?

וואָס זיין שטעלונג צום יודענטהום זאָל ניט זיין געוועזן, איז ער אונזערער אי אַלס סאָציאַליסט אי אַלס איד און מיר האָבען ניט פיעל אַזעלכע אין אונזער גאַנצער געשיכטע.

און ווען די צייט וועט קומען צו בעשרייבען אויספיהרליך זיין טראַגישען טויט צוזאַמען מיט זיין לעצטע ליעבע, וועט מען זיך פערהאַלטען, האָף איך, עטוואָס קריטישער צו העלענאַ׳ס איבערגעגעבענע געשפּרעכען מיט איהם, ווי דאָס האָט געטהאָן פריינד דייטש, ספּעציעל אין דעם פּרט פון דער זיגעס־קרוין און זיין „אַריינפאָהרען אין בערלין אין אַ זעקס־געשפּאַן.״

איך האָף אויך, אַז דער היסטאָריקער פון דער פריהייטס־בעוועגונג וועט ניט אורטהיילען לעאָ דייטש׳ס אייגענע לעבענס־אַרבייט נאָך זיין לאַסאַל־אַרטיקעל נאָך.

י. ע. מיליום

ענגלאַנד, אינדיען און די וועלט־מלחמה

דורך דעם, וואָס טערקיי האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין דער מלחמה, איז אַרויסגערוקט געוואָרען די פראַגע אין פאָדערגרונד — וועט זיך אינדיען בענוצען מיט דער איצטיגער שווערער לאַגע פון ענגלאַנד און איבערדרייסען די דינע פעדים, וואָס פערבינדען איהר מיט דער רעגיערונג פון בריטישען קעניג און קייזער פון אינדיען?

בעפאָר די אינדישע רעוואָלוציע פון 1857 איז אין ענגלאַנד ווייט פערשפּרייט געווען די מיינונג, אַז די בריטישע הערשאַפט איבער אינדיען איז בלויז אַ צייטווייליגע, אַז פריהער אָדער שפּעטער מוז זי נעהמען אַן ענד, אָבער נאָכדעם ווי ענגלאַנד האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד, האָט מען אָנגעפאַנגען צו גלויבען, אַז די ענגלענדער וועלען שוין בלייבען אימער די בעלי־בתים פון אינדיען, אַז די ענגלישע הערשאַפט איבער אינדיען וועט אָנהאַלטען אַן אונבעשטימטע צייט.

דאָך אונטער דעם איינפלוס פון די געשעהניסען פון לעצטען יאָהרצעהנדליג איז צווישען די ענגלישע שטאַאַטס־מענער אויפגעקומען די פראַגע, אויף וויפיעל ענגלאַנד איז בערעכטיגט צו הערשען איבער אינדיען. פערשטעהט זיך, די אינדיער זעלבסט מיט זייער שטענדיגען בונטעווען זיך האָבען דערצו פיעל בייגעטראָגען. דער נצחון פון יאַפּאַן איבער דער גרויסער מערב־מלוכה האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם אויף די גייסטער פון די מזרח־פעלקער, און די אָרטיגע פּרעסע אין גאַנץ אינדיען האָט אָנגעשטרענגט אַלע איהרע כוחות אויפצואוועקען די אונענטוויקעלטע מאַסען פון זייער גלייכגילטיגקייט, איינצופלאַנצען אין זיי די

איבערצייגונג, אַז עס איז ניטאָ קיין שום גרונד זיי זאָלען ניט בכוח זיין אויסצופיהרען דאָס, וואָס אַן אַנדער אַזיאַטיש פאָלק האָט יאָ בעוויזען צו טהאָן.

אינדיען צעהלט א בעפעלקערונג פון 315 מיליאָן, מאַהמעדאַנער זיינען דאָ פיעל מעהר ווי אין טערקיי, פערסיען און אַפגאַניסטאַן; די צאָהל מאַהמעדאַנער אין אינדיען דערגרייכט 70 מיליאָן.

אינדיען איז אַן אונטערטהעניג לאַנד; אַן אָבהענגיג לאַנד, ניט קיין קאָלאָניע. די פרייע קאָלאָניעס פון ענגלאַנד, ווי צ. ב. ש. קאַנאַדאַ און אויסטראַליען, וועלכע ווערען נאָמינעל רעגיערט פון זייער מוטערלאַנד, ווערען אין דער אמת'ן רעגיערט דורכאויס פון זיך אַליין. ניט אַזוי איז אָבער דער פאַל מיט דער אָבהענגיגער אינדיען. אינדיען האָט ניט קיין זעלבסט־פערוואַלטונג, זי ווערט ניט רעגיערט פון פאָלקס־פערטרעטער.

די הערשאַפט פון בריטישען וויצע־קעניג איבער אינדיען ברייננגט דעם אינדישען פאָלק א דאָפּעלטען שאָדען: א מאַטעריעלען און א מאָראַלישען. דער מאַטעריעלער שאדען איז וואָס פון אינדיען ווערט ארויסגעצויגען איהר רייכטום, צוויי דריטעל פון אַלע איינקינפטע ווערען פערשלונגען פון ענגלאַנד. דער מאָראַלישער שאָדען — די ערנידרונג, די פערטעמפונג פון דער גאַנצער אינדישער ראַסע. די אינדיער פיהלען זיך אין זייער אייגען לאַנד אַלס בירגער פון א צווייטער קלאַסע — פון אַלע העכערערע און פעראַנטוואָרטליכערערע עמטער זיינען זיי אויסגעשלאָסען.

שוין אָנהויבענדיג פון יאָהר 1906, ווען אַן אונרוהע האָט זיך גענומען פערשפּרייטען איבער אינדיען און א דייטליכע רעליגיעזע אויפלעבונג האָט גענומען ארומכאַפּען די גאַנצע מאַהמעדאַנישע וועלט, האָט די אָרטיגע פרעסע אין אינדיען אַלץ שאַרפער גענומען ארויסטרעטען געגען דער בריטישער הערשאַפט, ביז אין יאָהר 1910 האָט די פיינדשאַפט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז די ענגלישע רעגיערונג איז געצוואונגען געווען ארויסצולאָזען דעם בעוואוסטען פרעסע־אַקט, וואָס האָט איינגעפיהרט א שטרענגען קאָנטראָל איבער די צייטונגען דורך דער פאָדערונג פון ערבות־געלד. דאָס ערבות־געלד ווערט קאָנפיסקירט ביים ערשטען מאָל פערזינדיגען זיך געגען דער ענגלישער רעגיערונג; א גרעסערע סומע ערבות ווערט דאַן פערלאַנגט און אויב די צייטונג זינדיגט נאָך אַלץ, ווערט אויך די סומע קאָנפיסקירט. דאַביי קענען אויך קאָפיסקירט ווערען די פרעסמאַשינען און די צייטונג קען אין גאַנצען אָבגעשטעלט ווערען. פאַר די פיער יאָהר, וואָס דער געזעץ איז געווען אין קראַפט, זיינען שוין 250 צייטונגען געווען אונטער דעם בייטש פון דיזען געזעץ. פערקלאָגט זיינען געוואָרען נאָך 600 אַנדערע צייטונגען. דער פועל יוצא איז, אַז דער שטראָם פון קריטיק איז ניט אָבגעשטעלט געוואָרען, ער האָט זיך אויסגעזוכט נור אַן אונטעראירדישען וועג.

אַז אינדיען קען זיך נאָך אויפכאַפּען פון איהר היהנערפלעט, וואָס ציהט זיך שוין הונדערטער יאָהרען, און אַז דאָס אינדישע פאָלק, קען נאָך ווערען א גרויס און לעבעדיג פאָלק, א פאָלק מיט בעגייסטערונג פאַר הויכע אידעאַלען, בעווייזט דער אינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט פאַר די לעצטע צעהן יאָהר זיך געגעבען די גרעסטע מיה צוזאַמענצוברענגען די אַלע כוחות, וואָס אַרבייטען אַלע פאַר איין און דעמזעלבען ציעל — ארויסצורופען ביי דער אינדישער בעפעלקערונג דאָס געפיהל פון נאַציאָנאַלער איינהייט. אין דיעזער אַרבייט זיינען די אינדישע כלל־טהוער אויך געשטאַרקט געווען דורך דער ברייטהערציגער סימפּאַטיע פון זייערע ענגלישע פריינד. די נעמען פון עדמונד בוירק, פון ברייט און פויסעט, פון טשאַרלס ברעדלאו און קער הארדיע און פון עני ביזאַנט זיינען געוואָרען היימישע נעמען ביי דער אינדישער בעפעלקערונג. דער קאָנגרעס, דורך אַלע זיינע מיטגליעדער און דורך זיינע פיהרער — טילאַק, לאַיפּאַט רעי, גאָקהאַל און נאַראַדזשי, — פּרעדיגט דעם אידעאַל פון נאַציאָנאַלער איינהייט: אינדיער, פון וואָס פאַר א גלויבען זיי זאָלען ניט זיין, זיינען פריהער פון אַלץ אינדיער און דאַן ערשט הינדאָ'ס, מאַהמעדאַנער, פאַרסער און קריסטען. דער קאָנגרעס פּראָקלאַמירט, אַז די ערוואַכטע אינדיער ווילען דורכאויס אונאַבהענגיג זיין פון ענגלאַנד. מאַנכע פון זיי געהען נאָך ווייטער און פערלאַנגען די פאָלשטענדיגע בעפרייאונג פון דער פרעמדער מאַכט, אָבער דער קאָנגרעס אַלס קערפּערשאַפט וואָלט זיך בעגנוגענט מיט דער בעווילליגונג פון אַן אויטאָנאָמיע, מיט אַזאַ אויטאָנאָמיע ווי עס האָבען קאַנאַדאַ און אויסטראַליען.

דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דער אַרבייט פון קאָנגרעס איז, וואָס צווישען די הינדאָ'ס און מאַהמעדאַנער האָבען זיך איינגעשטעלט די הערצליכסטע בעציהונגען. מען האָט אָנגעפאַנגען צו פערקעהרען איינע מיט די אַנדערע און מען דערלאָזט ניט, אַז רעליגיעזע צערעמאָניעס אָדער פאַראורטיילע זאָלען שטערען דער וואַקסענדער פריינדשאַפט און סאָלידאַריטעט. און אין דער אמת'ן, אויב עס איז דאָ א ראַסע היינט צו טאָג אין אינדיען, וועלכע איז געשטעמפּעלט מיט דעם חרם פון די איבריגע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג, איז דאָס די ענגלישע.

די געשעהניסען פון די לעצטע יאָהרען האָבען נאָך מעהר אויפגעבלאָזען דעם גליהענ־

דען פייער פון אונצופריעדענהייט. די מאַהמעדאַנער איבער'ן גאַנצען מזרח האָבען ערוואַכט צו זעלבסט־בעוואוסטזיין — טיילוויז א דאַנק דער האַלטונג פון די גרויסע מעכטע נאָכ'ן באַלקאַנישען קריעג אין בעצוג צו מאַהמעדאַנישע טעריטאָריעס, און טיילוויז אונטער דעם איינדרוק פון דער בלוט־באָד פון אויגוסט, 1913, אין קאַנפּור, ווען צעהנדליגע מאַהמעדאַנער פאַבריק־אַרבייטער זיינען געשאָסען געוואָרען און הונדערטער פערוואונדעט און



שיאַמאַדזשי קרישנאַוואַרמאַ

אַריינגעוואָרפען אין געפענגנים. און אָט די אונצופריעדענהייט האָט נאָך שטאַרקער פערבונדען די מאַהמעדאַנער און די הינדאָ'ס אין זייער קאַמפּף פאַר דעם אַלגעמיינעם ציעל. היינט צו טאָג איז אין קאַלקוטא, אזוי גוט ווי אין קאַיר, דער געשריי, וואָס איהר הערט אויף טריט און שריט, „זאָלען די אייראָפּעער געהן!“

די וויכטיגסטע אורזאַכע פון דער וואַקססענדער אונצופריעדענהייט מיט ענגלאַנד, אַן אונצופריעדענהייט, וואָס קען א מאָל פערוואַנדלען אינדיען, וועלכע איז איצט ענגלאַנד'ס מעלקענדיגע קוה, אין א בענגאַלישען טיגער, איז די אויסשליעסונג פון די אינדיער פון די אויטאָנאָמע ענגלישע קאָלאָניעס. אויף דעם איז מען העכסט אויפגעבראַכט אין אינדיען. סיי די הינדאָ'ס און סיי די מאַהמעדאַנער פערשטעהען גאַנץ גוט, אז דאָ שטעהט אין קאָן זייער שטעלונג אין דער ענגלישער אימפּעריע — צו זיינען זיי ענגלישע בירגער, אָדער ניט מעהר ווי ענגלישע שקלאַפען, וואָס שטעהען אויסער דעם געזעץ.

בלויז מיט א פּאָאר מאָנאַט צוריק זיינען 352 הינדאָ'ס אַרויסגעשיקט געוואָרען פון קאַנאַדא מיט'ן שיף „קאָמאַגאַטאַ־מאַרו“ — אַרויסגעשיקט אונטער דעם קאָנוואָי פון ענגלישע ים־סאָלדאַטען. און איידער זיי האָבען נאָך בעוויזען צו שטעלען א פוס אין אינדיען, איז מען שוין געווען גרייט זיי צו פערשיקען אין אַן אַנדער טייל פון זייער פאָטערלאַנד, ווייט אוועק פון זייער היימישער פּראָווינץ, כדי זיי זאָלען ניט קענען דערצעהלען וועגען דער שרייענדער אונגערעכטיגקייט, וואָס מען איז געגען זיי בעגאַנגען. זיי האָבען העפטיג פּראָטעסטירט געגען אזא האַנדלונג און זיי האָבען זיך ענטזאָגט אַריינצוגעהן אין די וואַגאָנען, וואָס האָבען אויף זיי געוואַרט. מען האָט געברויכט געוואַלט און א צוזאַמענשטויס איז פּאַרגעקומען. אין דער שיסעריי זיינען צעהנדליגע הינדאָ'ס געטויטעט געוואָרען, איבער א הונדערט פערוואונדעט און אויף 2-3 פּאָליסלייט, פון וועלכע איינער איז שפּעטער געשטאָרבען. די איבריגע זיינען אַרעסטירט געוואָרען און אָנגעקלאָגט פאַר א בונט. ווען איך שרייב דיעזע שורות דערוויס איך זיך, אז פיעלע זיינען פערמשפּט געוואָרען צו לאַנגע געפענגנים־טערמינען און איינער צום טויט. די ווירקונג פון דיעזער שענדליכער האַנדלונג איז שווער איצט אָבצושעצען.

ווען א יאַפּאַנעזער קען אַריינקומען אין קאַנאַדא ווייזענדיג בלויז 30-40 דאָלאַר, קאָן אַן אינדיער — אַן ענגלישער בירגער — ניט אַריינקומען, סיידען ער האָט ביי זיך 200 דאָלאַר און קומט דירעקט פון אינדיען. זיין ענגלישעס בירגערטהום לייגט אויף איהם אַרויף א שטראָף, וואָס קיין פרעמדע מלוכה וויים ניט פון דעם — עס עקזיסטירט ניט אזא אויסנאַהם־געזעץ געגען אינדיער דאָ אין דער לאַנד אָדער אין דייטשלאַנד.

און ווי אזוי קען די ענגלישע רעגיערונג פערלאַנגען די לאָיאַליטעט פון אינדישען פאָלק צו דער ענגלישער אימפּעריע, ווען די זיהן פון דיעזען פאָלק האָבען קיין רעכט ניט צו בעטרעטען די ענגלישע טעריטאָריע? און ווי קען דער געבאָרענער אינדיער זיך פיהלען פאַר אַן אונטערטהאַן פון דעם ענגלישען קעניג, וועלכער רעפּרעזענטירט יענע מאַכט, וואָס טיילט אָב דעם אינדיער פון ענגלענדער, און דער אינדיער

ווייס דערביי, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט אויסגלייכען מיט'ן ענגלענדער אפילו אין זיינע עלעמענטאַרסטע רעכט? — סיידען אין די גריבער פון פראַנקרייך און בעלגיען, וואו עס גיסט זיך זיין בלוט. ווייל נור איצט האָט די ענגלישע רעגיערונג אַנערקענט, אַז איהרע טונקעל־הויטיגע אונטערטהאַנען האָבען הויכע נשמות און דאָס בלוט, וואָס זיי פערגיסען זייט ביי זייט מיט'ן ענגלישען סאָלדאַט, איז ווערטה עס זאָל פערגאָסען ווערען.

„פּאָליטישע מאָרדען זיינען די פאָרלויפער פון רעוואָלוציאָנען“ — דאָס איז א גוט בעקאַנטער פּאָליטישער כלל. דער פערזוך צו ערמאָרדען לאָרד הארדינג דעם 23 דעצעמבער פון 1912, ביי זיין אָפיציעלען אַריינפאָהר אין דעלהי; דער פריהערדיגער פערזוך אויף לאָרד מינטאָ'ס לעבען אין אַהמעדאַבאַד אין נאָוועמבער 1909; דער לאַנגער צעטעל פון אַטענטאַטען און פערוואונדונגען פון קלענערע בעאַמטע — טעקס־קאָלעקטאָרס, אינספּעקטאָרס, מוסרים, פּראָוואָקאַטאָרס און פּאָלים־קעפּטענס, וואָס געהען אָן זינט 1907 — דאָס אַלץ איז א בעוויז, אַז אוננאָרמאַלע פּאָליטישע צושטענדע עקזיסטירען אין אינדיען. א לאַנד, וואָס בעזיצט ניט דאָס פערזאַמלונגס־רעכט, קיין פרייע פּרעסע, קיין געריכט פון געשוואָרענע און די אַלע בירגערליכע אינסטיטוציאָנען, וואָס די ציוויליזירטע לענדער בעזיצען עס זייט כמה יאָהרען, אין דער אָדער יענער פאָרם — אַזאַ לאַנד איז געצוואונגען צו זוכען אָן אויסוועג פאַר זיין פּראָטעסט געגען די אונצופריעדענשטעלענדע און אונגערעכטע צושטענדע.

כאָטש די אַלגעמיינע ערוואַכונג פון אַזיען האָט פיעל בייגעטראָגען דערצו, אַז אויפ'ן פּאָליטישען האָריזאָנט פון אינדיען זאָל זיך בעוויזען דער באָמבען־וואַרפער, אָבער אם מעהרסטען זיינען שולדיג אין דעם די גרויזאַמע אונטערדריקונגס־מיטלען, וואָס די פרעמדע הערשער פּראַקטיצירען אין אינדיען פאַר די לעצטע 7 יאָהר.

די געשעהניסען פון די לעצטע יאָהרען און די אונערטרעגליכע צושטענדע אין אינדיען האָבען געבראַכט דערצו, אַז אפילו די ענגלישע אַדמיניסטראַציע איז געצוואונגען געווען צו מאַכען אייניגע פּאָליטישע הנחות דעם אינדישען פּאָלק. אזוי זיינען, אונטער לאָרד מאָרלי'ס רעפאָרם־פּלאַן, די אינדיער צוגעלאָזען געוואָרען אין די פּראָווינציעלע און געזעצגעבענדע ראַטען. אָבער אין דער אמת'ען זיינען די מוניציפּאַליטעטען געבליבען ווי געווען רעגיערונגס־דעפּאַרטמענטס און די אינדישע מיטגליעדער פון די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען האָבען נור בעקומען דאָס רעכט צו לעזען די רעגיערונגס־פּאַפּיערען. דער סך הכל פון דיעזע רעפאָרמען איז, אַז דער איינגעבאָרענער עלעמענט האָט אין די פערשיעדענע קאָמיטעטן און ראַטען גאָר א קנאַפּען איינפלוס. די רעפאָרמען האָבען געגעבען זעהר א קליינע דעה די איינגעבאָרענע פון הינדוסטאַן.

בעת די מעסיגע עלעמענטען אין דער אינדישער נאַציאָנאַליסטישער בעוועגונג קעמפּפען פאַר א געוויסע פאָרם פון זעלבסט־פערוואַלטונג, אונטער דער נאָמינעלער הערשאַפט פון ענגלאַנד, איז פאַרהאַן אָבער א מעכטיגע



באַל גאַנדאַדהאַר טילאַק

פּראַקציאָן פון עקסטרעמע, וועלכע וואוינען אַלס עמיגראַנטען אין די אייראָפּעאישע שטעדט און אין דיזען לאַנד. בעזונדערס פיעל זיינען זיי פאַרהאַן אין זשענעוו און אין די הויפּטשטעדט פון יונייטעד סטייטס.

דער איינפלוסרייכסטער און דער מעכטיגסטער פון זיי איז פּאַנדיט שיאַמאַדזשי קרישנאַוואַרמאַ, וועלכער האָט פאַר די לעצטע 7 יאָהר און ביז מיט זעקס וואָכען פאַר דעם אויסברוך פון דער אייראָפּעאישער מלחמה געלעבט אין פּאַריז. קרישנאַוואַרמאַ האָט א מערקווירדיגע געשיכטע הינטער זיך. אונטער

גלאַדסטאָנ'ס אדמיניסטראַציע איז ער געווען אן ערפאָלגרייכער פריים־מיניסטער אין דריי אינדישע מלוכה'לאַך. אָבער איינזעהענדיג אין וואָס פאַר א שרעקליכער אַרימקייט זיינע לאַנדסלייט לעבען און ווי וועניג מיטלען ער פערמאָגט אלס מיניסטער זיי צו העלפען אין זייער נויט, האָט ער רעזיגנירט און איז אוועק קיין ענגלאַנד. דאָ איז ער געוואָרען אן אינטימער פריינד און שילער פון דעם פערשטאָרבענעם פילאָזאָף הערבערט ספּענסער, און ווען יענער איז געשטאָרבען האָט קרישנאַוואַרמא געגרינדעט א קאַטעדער פון ספּענסער'ס פילאָזאָפיע אין אקספאָרדער אוניווערזיטעט. ער אליין האָט בעקומען א געלערטען טיטעל און האָט פאַר פיעלע יאָהרען געהאַלטען פאָרטרעגע אין ענגלאַנד וועגען אינדישע אנגעלעגענהייטען.

זיינע לעקציעס זיינען אין אָנפאַנג געווען פון א מעסיגען און צוריקגעהאַלטענעם כאַראַקטער, אָבער באַלד נאָך ספּענסער'ס טויט האָט ער גענומען רעדען אָפּענער און איז פּאַקטיש געוואָרען דער פאָרשטעהער פון דער ראַדיקאַלסטער ריכטונג. זיין הויז — דאָס אינדיען הויז — אין לאָנדאָן, הייה־גייט, איז געוואָרען דער צענטער, וואו די אינדישע יוגענד פון לאָנדאָן פלעגט זיך צונויפקומען. אין 1907 איז דאָס אינדיען הויז פערמאַכט געוואָרען אויף'ן בעפעהל פון דער בריטישער רעגיערונג און קרישנאַוואַרמא איז אנטלאָפען קיין פּאַריז. מען האָט פון איהם צוגענומען זיין טיטעל און אַזוי פיעל פון זיין פערמעגען, וויפיעל מען האָט געקענט פערכאַפּען, איז קאָנפיסקירט געוואָרען. פון זיין נייען הויפּט־קוואַרטיר האָט ער אָנגעפיהרט זיין פּראָפּאַגאַנדא, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער גרעסטער שנאה צו די פרעמדע בעהערשער פון זיין לאַנד. זיין מאָנאַטליכער זשורנאַל „דער אינדישער סאָציאָלאָגיסט" איז געוואָרען א שטענדיגער דאָרן אין אויג פאַר דער ענגלישער רעגיערונג.

האר דאיאַל, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען דורך די אימיגריישאָן־בעאַמטע אין סאַן־פראַנציסקאָ אין פריהלינג פון דיזען יאָהר אויף דעם פערלאַנג פון דער ענגלישער רעגיערונג, איז איצט אין זשענעוואַ מיט קרישנאַוואַרמאַ. ער איז די צווייטע מערקווירדיגע פיגור אין דער אינדישער נאַציאָנאַלער בעוועגונג. אין 1907 איז ער געקומען אונטער קרישנאַוואַרמאַ'ס איינפלוס און איז געוואָרען איינער פון זיינע פּאָליטישע מיסיאָנערען. ער איז דער אויטאָר פון אזעלכע ווערק ווי „דער סאָציאַלער קאַמפּף אין אינדיען", און איז א פייערדיגער פּראָפּאַגאַנדיסט פון די עסקטרעמע אידעען. בשותפות מיט מאדאם קאַמאַ האָט ער געגרינדעט די „באַנדא מאַטאראם", וועלכע ווערט רעדאַקטירט פון איהם און זיין מיטאַרבייטערין מיט קראַפט און פעסטקייט.

ערשט מיט א פאַר מאָנאַט צוריק איז אינדיען דערפרעהט געוואָרען מיט'ן ארויסקומען אויף דער פריי פון דעם גרויסען געלעהרטען און פּאַטריאָט באַל גאַנדאַדהאַר טילאַק, וועלכער איז אין 1908 פערמשפּט געוואָרען צו זעהן יאָהר געפענגנים פאַר „פערשווערונג". טילאַק איז שוין אָבגעזעסען 4 טערמינען אין געפענגנים און ער איז דער אויטאָר פון בעריהמטען טראַקטאַט „די צפון־היים אין די וועדאס", וואָס איז הויך אָבגעשעצט געוואָרען פון אלע אָריענטאַליכטען פון דער גאַנצער וועלט. ער איז א מאַן פון גרויסען טאַלענט און אונבעפלעקטען כאַראַקטער און ער איז געווען א פעסטער פערטהיידיגער פון אינדישער זעלבסט־פערוואַלטונג פאַר איבער 25 יאָהר.

די ענגלענדער אין אינדיען האָבען ביז איצט אָנגעהאַלטען זייער הערשאַפט דורך אויפרייצען די הינדאָ'ס, מאַהמעדאַנער און קריסטען איינע געגען די אַנדערע. זיי פלעגען אונטערקויפען די מאַהמעדאַנער, מען פלעגט זיי צוטיילען פּריווילעגיעס און געזוכט מיט אלע מיטלען צו געווינען זייער סימפּאַטהיע.

אָבער די לעצטע באַלקאַנישע מלחמה, וואָס האָט קלאָר בעוויזען, אז די אָטאָמאַנישע אימפּעריע איז אין געפאַהר אונטערצוגעהן, אויפגעוועקט ביי די אינדישע מאַהמעדאַנער דעם פערלאַנג צו זאָגען א מעכטיג וואָרט אין פערטיידיגונג פון מאַהמעדאַנערטום, ווייל צוזאַמען מיט דעם אונטערגאַנג פון טערקיי וואָלט אויף געבראָכען געוואָרען די מאַכט פון מאַהמעדאַנערטום.

פאַר נאַכט

י. ראַלניק

ס'איז דער שנעע דער ערשטער
היינט אַרויסגעפאַלען;
אָבגעקאַלכט די שטיבער,
אָבגעווייסט די שטאַלען.

טיעפע פערד־טריט־צייכענס
האַרט און איינגעפראָרען
טרעטען אַרוים שאַרפער —
ווינטער־פריה־אויזאָרען.

שווער דעם טייך צו קייקלען
די געדיכטע וועללען;
נאָך איין קאַלטע כוואַליע
און ער וועט זיך שטעלען.

אין א טהיר פון פייער
איז די זון פערשוואונדען;
שוואַרצע וואָלקען־זיילען
טאַרטשען פון די גרונדען.

ל. לאזאוויק

די עגיפטישע קונסט

(קאפיטלאך פון דער קונסט געשיכטע)

אונטער א ווארימען זוננינגען הימעל, אין אן אטלאס־גרינעם פרוכטבארען טהאָל, כמעט אינגאנצען אָבגעזונדערט פון דעם איינפלוס פון דער אויסערליכער וועלט — האָבען געלעבט אונצעהליגע דורות פון עגיפטישען פאָלק.

דער טהאָל, וועלכער ציהט זיך פון מיטען אפריקא ביז'ן מיטעללענדישען ים, איז אימער אין בעוועגונג, די בעפעלקערונג איז בעשעפטיגט מיט יאגד, פיה־צוכט, פיש־כאפען, תבואה ארום און ארום דאָס לאנד.) און דער נילוס איז קיינמאָל ניט רוהיג. אין שפעטערען טייל פון יוני, ווען די שנעען אויף די אביסיניער בערג הויבען אָן צו צוגעהן און פאלען אריין אין נילוס מיטשלעפענדיג גרויסע טיילען פרוכטבארע ערד, הויבט דער טייך אָן צו שטייגען וואָס ווייטער אלץ העכער, ביז די רויט־ברוינע מאסע דערגרייכט איהר גרעסטען הויך אין אָנהויב אָקטאָבער.



דער אינזעל און טעמפעל פון פילע

שניידען. אויף יעדען זייט טהאָל ציהען זיך הויכע, גרויע פארבלאָזע בערג־קייטען; אונטער זיי שפרייט זיך אן ענדלאָזע שטרעקע פון הייסער, געלער, זאמדיגער וויסטעניש, דאָ און דאָרט דורכגעבראָכען פון אן אָאזיס. דורך דעם גאנצען לייגג פון טהאָל שלייגגעלט זיך דער טייך נילוס, דער שאפער און דער שפייזער פון עגיפטען. רעגען פאלט זעהר זעלטען און די ערד ווערט אָנגעטרונקען הויפטזעכליך פון טייך (ווען דער נילוס גיעסט זיך פונאנדער, בעוואסערט ער־

די וואסערען שטעהען ווייט איבער די ברעגען, אויסגעטריקענטע קאנאלען ווערען פערפולט, דאָס לאנד איז ווי א ברויזענדער ים. לאנגזאם הויבט דאָס וואסער אָן צו זינקען. ארום ענדע נאָוועמבער קעהרט עס זיך אום צו זיינע ברעגען איבערלאָזענדיג אויפ'ן באָדען א דינעם צודעק פון רייכער שווארצער ערד.

און אזוי יעהרליך, דור איין דור אוים, בעפרישט און בעפרוכטעט דער טייך נילוס דעם טהאָל. ער רעגולירט און קאָנטראָלירט די גאנ־

פּיראַמידע פון קאַפראַ און דער גרויסער ספינקס

צע טהעטיגקייט פון די עגיפּטער, בעשטימענ־דיג די צייט, דעם פּלאַץ און דויער פאַר זייער ארבייט. עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט, וואָס נילוס שטעהט פאר זיי ווי א גוואַלדיגע קראַפט. זיי זעהען אין איהם א בעוואוסטזיני־געס וועזען, א גאָטהייט אָזירים, וועלכע גיט אכטונג אויף דעם וואָהלזיין פון די לעבעדיגע און בעשליסט דעם שיקזאַל פון די טויטע. ווייל נור דער קערפּער פון מענשען שטאַרבט, זיין נשמה לעבט אייביג.

אין גרויסען קאָנטראַסט צו דעם ברויזענ־דען לעבען אין טהאָל איז די וויסטעניש, וואו עס הערשען טויט און שרעק, פון וואנען מען קען אימער ערוואַרטען אן אנלויף פון בייזע חיות, אן אנפאַל פון ווילדע שבטים. און די עגיפּטישע פאַנטאַזיע האָט סימבאַליזירט די וויסטעניש אין א שטן סעט.

און אין דער וואַרימער ערקוויקענדער זון האָבען זיי געזעהן אן אנדער גאָטהייט רא. אויף אן עהנליכען אופן זיינען פערגעטערט געוואָרען פיעל נאַטור־קרעפטע און ערשיינונגען ווי אויך פיעלע חיות.

און די וועלט פון די טויטע און די גע־טער איז נאָך דויערהאַפטער, ווי די פיזישע וועלט — די בערג, די וויסטעניש, דער טייך און די זון.

די מענשען־וועלט איז צייטווייליג, פאַרי־בערגעהענד; די וועלט אָבער פון גייסטער און געטער איז אייביג. ווען א מענש שטאַרבט בלייבט איבער זיין „קא", זיין צווייטער איך, זיין גלגול, וועלכער בעשטעהט פון א גענענשטאַנד א סך דינער און אייזעלער ווי פלייש און ביין פון לעבעדיגען מענשען. אין אלע אנ־דערע הינזיכטען איז ער עהנליך צום לעבעדי־גען: ער בעזיצט אלע חושים, ער מוז עסען, טרינקען, שלאָפען, דאַרף א הויז, בעדינער, מעבעל. מען האָט דאַרום פון די קברים געמאַכט גרויסע געביידעס, וואו אלע נויטיגע זאכען האָ־בען געקענט אריינגעהן.

דער „קא" מוז, צוליעב זיין אייגענער עק־זיסטענץ, שטענדיג זיין אין עפּעס מאטעריעל פערקערפּערט. מען האָט דאַרום די טויטע באַל־זאמירט. א מוממיע קען אָבער לייכט צושטערט ווערען — דאַן מוז דער „קא" אייביג וואַנדערען אין תהו ובהו. האָט מען צוליעב זיכערהייט גע־מאַכט שטיינערנע סטאַטוען פון פערשטאָרבע־נעם; מען האָט איהם געצייכענט און געמאָהלען אין אלע זיינע אלטעגליכע בעשעפטיגונגען. דאַ־רום זעהט מען טאַקע, אין די קברים, ווי אין א פּאַנאַראַמע, דאָס גאַנצע עגיפּטישע לעבען.

אין פאַרהיסטאָרישען פּעריאָד זיינען די עגיפּטער בעשטאַנען פון פאַרשיעדענע זעלבסט־שטענדיגע שבטים. דער שטענדיגער וואוקס פון דער בעפעלקערונג, די נעהענטערע בעצי־הונגען און גרעסערער אויסבייט צווישען פער־שיעדענע דערפער, די נויטווענדיגקייט פון בע־



שייך־על־בעלעד

שטענדיגער ארבייט ביי די קאַנאַלען צו בעוואַ־
סערען דאָס לאַנד, האָבען געפיהרט צו אַן אַל־
געמיינער פעראייניגונג, צו א צענטראַליזיר־
טער אָרגאַניזאַציאָן. אונגעפעהר ארום 4,000
יאָהר פאַר אונזער צייטרעכנונג איז געגרינדעט
געוואָרען דאָס „אַלטע קעניגרייך“. די פיהרער
פון די שבטים האָבען געשוואָרען טרייהייט צום
קעניג פון פעראייניגטען עגיפּטען. די פערשיע־
דענע שבטים האָבען זיך נאָך געהאַט זייערע
לאָקאַלע רעגיערער, דער קעניג אָבער האָט שוין
אויף זיך גענומען די פפליכט צו רעגיערען און
בעשיצען דאָס גאַנצע לאַנד.

דאָס לאַנד האָט זיך שנעל ענטוויקעלט,
די בעוואַסערונג איז פערפאָלקאָמט געוואָרען,
האַנדעלס־פערקעהר איז געוואַקסען, פיעלע און
פערשיעדענע ערפינדונגען זיינען געמאַכט גע־



ראַנאַפער — א בעאַמטער פון דער 4טער דינאַסטיע.



דער שרייבער (לואוור, פּאַריז)

וואָרען. די טעכניק האָט זיך פיין ענטוויקעלט,
די קונסט האָט געבליהט.

די הערשער האָבען געבויט גיגאַנטישע
פּיראַמידען, אימפּאָזאַנטע געביידעס, אייביגע
עדות פון זייער קעניגליכער גרויסקייט, אייביגע
וואוינונגען פאַר זייערע אונשטערבליכע „קאַ׳ס“.
איינע פון דיעזע פּיראַמידען — די פּיראַמידע
פון קופו איז איבער פיער הונדערט פוס די הויך
און בעשטעהט פון איבער צוויי הונדערט טוי־
זענד שטיינער, יעדער שטיין פון א דורכשניט־
ליכען וואָג פון צוויי טאָן. דאָס בויען האָט גע־
דויערט צוואַנציג יאָהר און 100 טויזענד מענ־
שען זיינען געווען בעשעפטיגט אין דער ארבייט.

און דאָס אַלץ איז געבויט געוואָרען, אַלס
א רוהע פּלאַץ פאַר דעם קעניגליכען גלגול ; אין
מיטען פון דער פּיראַמידע אין א קליין צימערעל
איז געלעגען דעם קעניג׳ס מוממיע, פאַר וועל־
כער מען האָט דאָס די פּיראַמידע געבויט.

די סקולפּטור, וועלכע מען האָט געפונען
אין פערשיעדענע קברים, איז רייך אין פיעלע
אייגענאַרטיגע עקזעמפּלאַרען, פול מיט לעבען
און כאַראַקטער. אָט איז דער „שייך־על־בעלעד“
— אַן ארבייט־אויפזעהער. מיט א פאַרטוך, צו־
זאַמענגענומען פון פאָרענט, מיט א שטעקען אין
האַנד קוקט ער גלייך פאָראויס. אויף זיין קיי־
לעכדיגען, ריין געראַזי־טען געזיכט שפּיעלט א
זעלבסט־צופריעדענער שמייכעל. דער קערפּער
איז דיק און קרעפטיג ; די אַראָבהענגענדע מוס־
קולען צייגען אויף א גרינגע, ניט פיזישע בע־
שעפטיגונג און אויך, אז דער עלטער קומט שוין
אָן.

אָט זיינען א פּאָרעל : „ראַהאָטעפּ“ און
„נעפערט“. דער מאַן, א פּרינץ, א גענעראַל פון
דער ארמיי, איז לויט דעם מנהג פון יענער צייט
כמעט אין גאַנצען נאַקעט. מיט ברייטע שול־

טערן קרעפטיג און ענערגיש. דאָס גזיכט קלוג און ענטשלאָסען. די פרוי, א קרבה פון קעניג, איז אָנגעטהאָן אין א דינעם אנצוג, דורך וועלכען עס זעהט זיך די שפּיעל פון איהרע צארטע

א קליין שעהן בעזוימט היטעלע.

די פיגורען, די גזיכטער, די האלטונג פון ביידע זיינען פול מיט לעבען.

און אָט זיצט א שרייבער. דאָס גזיכט



דער פּרינץ ראַהאָטעפּ און זיין פרוי נעפערט

קערפּער־פאָרמען. אויפ'ן האלז הענגט רייכע ציערונג, אויפ'ן קאָפּ פון פאָרענט טראָגט זי א שווארצען פּארוק, פון וועלכען עס זעהען זיך ארויס איהרע אייגענע האָר. אויפ'ן פּארוק איז

איז ביינערדיג, די אויערען שטעקען ארויס ביי די זייטען, דאָס מויל דין, די אויגען ברייט געעפענט. איין האנט ליעגט אויף א בויגען אלט־עגיפּטישען פּאפּירוס, די צווייטע האלט א

דער קאָפּ פון קעניג כעפרען

רעהרען־פען. מיט די פיס אונטער זיך, מיט'ן קאָפּ אין דער הויך, זיצט ער פול ערוואַרטונג, גרייט צו דער ארבייט.

אין דער מאַהלעריי האָבען זיי אויך געמאַכט א גלענצענדען אָנהויב. פיעלע סצענעס פון מלחמה אויף דער ערד און אויפ'ן וואַסער. אַלערליי ארבייטען, גאָלדשמידען, טעפּער, שרייבער, בעדינער — אַלע שפּיגלען אָפּ א שטענדיגען זוכען נאָך דעם עיקר פון יעדער ערשיינונג. זייערע אויסגעצייכענט כאַראַקטעריזירטע בילדער פון גענז צייגען אויף א הויכע שטופע פון קינסטלעריש מאַלערישע פעהיגקייט, זאָגען עדות אויף א חוש ניט נור פאַר דאָס ווירקליכע, נור פאַר דאָס שעהנע.

פאַרשיעדענע אינערליכע קאָנפליקטען צווישען די פּריסטער, די אַדעל־לייט און די קעניגע האָבען געפיהרט צו אן אַלגעמיינער דעזאָרגאַניזאַציאָן. נאָך א פּאָר הונדערט יאָהר פון קריעג, ארום 3,000 יאָהר פאַר קריסטוס איז טריאומפירענד אויפגעקומען דאָס „מיטעלע קעניגרייך“. די רעגיערונג איז געוואָרען מעהר אבסאלוט און דעספּאָטיש.

מאַטעריעל האָט דאָס לאַנד געבליהט. אָבער די קונסט האָט שוין אָנגעהויבען צייגען צייכענס פון אָבשטאַרבען. דאָס קעניגטהום האָט אוועקגעלייגט זיין שטעמפּעל אויף די קונסט־ווערקע. די קינסטלער האָבען געמוזט נאָכפאָלגען געוויסע פאַרשריפטען און האָבען זעלטען געקענט נוצען זייער אייגענע איניציאַטיווע. —

נור אין דער ארכיטעקטור פיהלט זיך עפּעס נייעס. טעמפּלען זיינען געבויט געוואָרען אין אונגעהויערער צאָהל און מיט'ן גרעסטען לוקסוס. די גרעסטע גאָטהייט אזירים איז געשטאַנען אויף אן אַלטאַר אין קדשי קדשים, וואָס האָט בערנומען דעם מיטען פון טעמפּעל. אהין האָבען געקענט אריינקומען נור דער קעניג און דער הויכער פּריעסטער. פון פאָרענט האָט זיך געצויגען א רייהע קאָלאָנען און ביי די זייטען זיינען געוועזען פינסטערע צימערן וואו עס זיינען געשטאַנען פאַרשיעדענע געטער. פאַר'ן טעמפּעל אן אָפענער פאָרהויף, וואו גרויסע מענגעס פון פשוט'ן עולם פלעגען זיך פערזאַמלען צו גאָטעסדיענסט. אָפט מאָהל איז ארום טעמפּעל געוועזען א הייליגער וואַלד און אויך א טייך, אויף וועלכען עס האָבען ארומגעשוואומען רייך בעפּוצטע שיפען.

די טעמפּלען, וואָס מאַנכע פון זיי שטעהען נאָך עד היום, מיט זייערע הויכע קאָלאָנען קאָרידאָרען, מיט זייער פינסטערניש און שטומע געטער, אטהעמען מיט א מיסטעריעזער דריקענדער שטימונג.

ארום 2,000 פאַר קריסטוס זיינען וואַנדערענדע סעמיטען, ווילדע שבטים, די „היקסען“ אָנגעלאָפען פון אזיע, און האָבען ביסלעכווייז פערכאַפּט עגיפּטען אין זייערע הענט. נאָך פיער הונדערט יאָהר רעגיערען האָבען די עגיפּטער זיי פערטריבען צוריק קיין אזיען.

פון 525 פאַר קריסטוס איז עגיפּטען בעהערשט געוואָרען פון פערזיען און פון 332 פון אַלעקסאַנדער מוקדן און זיינע נאָכפאָלגער.

די גריכען האָבען ביי עגיפּטען איבערגענומען זייערע קולטור־ווערטהען און האָבען זיי אייגענאַרטיג ענטוויקעלט. עס האָט זיך אָנגעהויבען איינע פון די וואונדערבאַרסטע עפּאָכען אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע.



די גענז פון מעדעם (וואַנד־סקולפּטור)

רחל ברכות

מיין טויט

די שווערע פרעסענדע פינסטערניש האָט זיך שוין צעשטרייט. און דעם הונד'ס ערגעץ פערגאַנגען - טרויעריגעם בילען האָט שוין אויפגעהערט. דער הימעל האָט זיך שוין אָבגעטיילט פון דער ערד, איז גראָהליכער געוואָרען און לויפיגער. לייכטע, ווייטע בעוועגונגען האָבען זיך פון ערגעץ־וואו דערשפּירט. א ווינד א הערבסט־קאַלטער האָט זיך פוילערהייד איבער דער גאַס אומגעדרעהט און האָט לייכט ביי יעדען הויז מיט וואָס־עס־איז אָנגעריהרט. עס האָט שוין באַלד גענומען טאָגען.

איך בין געשטאָרבען.

עמיצער האָט אָנגעצונדען א ליכט ביי מיין צוקאָפּען. עמיצער האָט מיין פּנים צוגעדעקט און מיך אין גאַנצען איבערגעדעקט. עמיצער האָט נאָך א ליכט אָנגעצונדען. און מענשען — מיינע קרובים — אין פערצווייפלונג און אין יאָמער האָבען מיך בעוויינט. איך בין נאָך געווען נור־וואָס אן אויסגעגאַנגענע, נאָך ניט קיין אויסגעגלייכטע, נאָך ניט מיט גאַנץ צוגעמאַכטע אויגען, מיט'ן אָפּענעם מויל, אין וועלכען די שווערע גסיסה איז ווי פערגליווערט שטעהן געבליבען. איך האָב נאָך געטראָגען אויפ'ן לייב מיין העמד, מיין אייגענע העמד, וועלכע מיינע הענד האָבען נאָך אויפגענעהט, מיט די אַרומגענהעטע שפּיצעלעך, וואָס מיינע פינגער האָבען אויסגעפלאָכטען. מיין העמד איז נאָך געווען דורכגעטונקט פון מיין שווייס, פון מיין אייגענעם לעבעדיגען ריח. איבער'ן בעט איז נאָך געהאַנגען עמיצענ'ס א בילד, אויף וועלכען מיין אויג האָט זיך נאָך אָבגעשטעלט, ווען זי איז נאָך ניט געווען קיין פערצויגענע און גלייכגילטיגע.

מען האָט מיך בעוויינט. מען האָט מיך אָנגערופען מיט מיין נאָמען, מען האָט מיין נאָמען געקנייטשט מיט דער גרעסטער צערטליכקייט און ליעבע. נאָר איך בין שוין ניט געווען. מיין טויטער גוף איז נור געלעגען אין א קופּקע אונטער'ן צודעק און האָט ווי געוואַרט.

עס האָט געטאָגט. די עטליכע ליכט אין שטוב זיינען געוואָרען בלייכער און טרייסלענדיגער, די מענשענס געוויין ווי שטילער און איינגעמאַטערטער און צוגעוועהנטער. דער מגושמ'דיגער שרעק פון טויט איז שוין ניט געווען. עס איז נור געבליבען דער טויטער... עמיצער האָט דאָס פענסטער אָבגעעפענט. דאָס ווינטעל האָט זיך אינוועניג אריינגעכאַפּט, האָט שטיל אויפגעבלאָזען מיין אונבעוועגליכען צודעק איבער מיר און האָט אָנגעבויגען דאָס שמעלציגע פייער פונ'ם ליכט ביי מיין צוקאָפּען. עמיצער האָט זיך דערשראָקען, צוריק דאָס פענסטער צוגעמאַכט, און מיין טויטער גוף איז צוריק געבליבען פערגליווערט, ווי פערשטיינערט אונטער די קרובים'ס געוויין.

העהנער האָבען זיך ערגעץ איבערגעקרעהט אומעדיג אָבגעצויגען און האָבען דעם טאָג גערופען. דער הימעל האָט זיך מיט גרויסע גראָהע וואָלקען אויסגעשפּרייט, דורכגעצויגען ווי מיט בלייך־זילבערנע פעדים־פּאַסען. באַלד האָט געדאַרפט טאָג ווערען.

די ערשטע מיט'ן הערבסט־טאָג זיינען אַריינגעקומען די קבורה־שמשים איילענדיגע, נור גלייכגילטיגע, ברודיגע, פערשמירטע. מען האָט גענומען מיך פון מיין בעט ארויסנעהמען... עמיצער, א ווילד־פרעמדער, האָט מיך אָבגעדעקט. מיין קאָפּ איז געווען אַראָבגעפאַלען נידריג איבער'ן ברוסט, מיינע אויגען — שטאַרע, טיעף אין זיך אַריינגעקוקטע, די נאָז אן אויסגעצויגענע, א טויטע מיט שוואַרץ־ברוינע פלעקען ביי די נעזליכער און די גאַנצע הויט אומבעוועגט, שטיין געלב. עמיצער האָט ניט ווילענדיג אָבגעוואָרפען מיין האַנד, זי האָט זיך הילכיג אָבגעקלאַפּט אָן דאָס ווענטעל פון בעט. דער קלאַפּ איז געווען אן אָבגעשפּרונגענער, א טרוקענער. מענשען האָבען זיך דערשראָקען און האָבען זיך איינער מיט דעם אנדערן איבערגעקוקט.

איך בין געלעגען אויף דער ערד אן אויסגעצויגענע, א לאַנגע, שוין מיט אויסגעגלייכטע אברים, שוין מיט צוגעמאַכטע אויגען, אן איבערגעדעקטע, אן אָבגעזונדערטע, און מען האָט מיך בעוויינט... מיינע קרובים זיינען געווען אונגליקליך, נור זייערע טרעהרען זיינען געווען שוין ווי אויסגעשעפּטע...

מיך צוריק אין מיין בעט וועט מען שוין ניט אוועקלעגען, מיין העמד וועט מען מיר שוין צוריק ניט אָנטאָן, מיינע אויגען צוריק ניט

אויפמאַכען, אין יענעם קאַמער ניט אַריינטראָגען. דאָס בילד, וואָס מען האָט פערהאַנגען, וועל איך שוין מעהר ניט אָנקוקען.

עס איז אַן אַלול׳דיגער פריהמאָרגען. די זון לייכט שטראַהלענדיג אָבער קאַלט. מענשען שיטען זיך איבער די גאַסען, מענשען געהען פון די הייזער איין און אויס, מענשען האָבען נעכטען זייער אַרבייט ניט געענדיגט און ענדיגען דאָס היינט, און די, וועלכע האָבען נעכטען געענדיגט, פאַנגען אָן היינט פון דאָס ניי. דער הויף איז פול. מענשען, קרובים — ווייטע און דערוויטערטע, בעקאַנטע און שכנים, אַנדערע פון צער געקומען, אַנדערע פון נייגעריגקייט. אַלע וואַרטען אויף מיין לויה און ריידען וועגען מיין טויט.

מען פרעגט איינער דעם אַנדערן, ווי בין איך געשטאָרבען, צי ביים זינען, צי אָהן זינען. צי האָב איך געהאַט אַ גרינגע גסיסה, צי אַ שווערע. וואָס איז געווען מיין לעצטעס וואָרט. ווער האָט מיין נשמה דערהיט.

מענשען ריידען פון מיינע יאָהרען, צי האָב איך גענוג מיין לעבען אויסגעלעבט, צי ווייניג, צי האָב איך נאָך גענאַפּט לעבען, אָדער דאָס לעבען האָט שוין מיר גאָרנישט געקענט געבען. מען רעדט וועגען מיר, מען דערמאָהנט מיינע מעלות, מען זוכט מיינע מעלות. אַנדערע ניט ווילענדיג דערמאָהנען זיך אויך מיינע חסרונות.

דאָ זיינען אַזעלכע, וואָס האָבען קיין צייט ניט, קוקען אויפ׳ן זייגער און וואַרטען מיט אומגעדולד, ווען די לויה וועט זיין.

— וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג ? — פרעגט איינער, אַ מענש אין מיטעלע יאָהרען.

— שוין אַזוי שפּעט, וואָס האַלט מען דעם מת !? — רופט זיך אָפּ פון ווייטען נאָך אַ גרעטער פריינד.

— אַ רחמנות אויף די שטוביגע, קוים וואָס זיי האַלטען זיך אויף די פיס.

— וואָס זיי ווינען נעביך ! — שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אַן עלטערע פרוי.

— איך האָב נאָך געקאַנט אַפילו גאַנצען אָב׳פטר׳ן און דערנאָך אַהער קומען — זאָגט אַ יונגער מאַן.

— איך אויך — זאָגט נאָך איינער.

אינוועניג אין שטוב האָבען מיך די נעהענטערע קרובים ערנסטער בעוויינט. איך בין שוין געלעגען אַרומגעוואַשען און אָנגעקליידעט אין מיינע אייביגע נייע, ווייסע קליידער. דאָס ווייסע טיכעל נידריג, פּרום אַראָבגערוקט איבער מיין שטערן. מיינע נאַסע האָר האָבען זיך ניט געזעהן. מיין פּנים איז געווען נאָך געלבער, ביינערדיגער און ערנסטער. ווער עס האָט געוואָלט אויף מיר אַ קוק טהאָן האָט מיך געזעהן, און ווער עס האָט מורא געהאַט אָנזעהן מיין טויטען גוף, איז אָן אַ זייט געשטאַנען.

איך בין געלעגען אויף דער טויטען־ברעט און געוואַרט, און ווי צוגעהערט זיך צו דאָס לעצטע וואָרט, וואָס מען קאָן דאָ נאָך זאָגען אין שטוב — די אַלע אייגענע מענשען מיינע, מיט וועלכע איך האָב דאָס גאַנץ לעבען געלעבט. נאָר דאָס טומעל און דאָס געוויין איז געוואָרען שרעקליך, און פון טומעל האָט מען מיך ווי אַרויסגעריסען, פון שטוב אַרויסגעטראָגען, אין מיטה אַוועקגעלעגט, איבערגעדעקט און אַוועקגעפיהרט. מיין וועג איז ווייט געווען.

ליכטיגע שטראַהלען בעציערען דעם טאָג, בעלייכטען די דעכער, שפּיגלען זיך אָב אין די שויבען פון די פענסטער. די לויה ציהט זיך איבער גאַסען, איבער געסליך...

אַלץ איז מיר בעקאַנט. איך בין ניט איין מאָל דורכגעגאַנגען דעם קרומען געסיל. אין אַלטען הויז, אויף די שמוציגע פינסטערע טרעפּ, האָב איך זיך ניט איין מאָל אויפגעהויבען. דאָרט האָט פיעל יאָהרען געוואוינט מיינע אַ חבר׳טע. דורך דעם פענסטער פון דער הויך האָבען מיר אָפט געקוקט ווייט אַרויס אויף די גרויסע פערבויטע שטאָדט און אויפ׳ן מענשען־געררויש. מיר האָבען ניט איין מאָל אין אַ שעהנע שטערענדיגע נאַכט אויף די שטערען געקוקט.

אין טהיר פון אַ גרויסער שעהנער קראָם שטעהט אַ הויכע פרוי און פרעגט נייגעריג, ווער איז דאָס געשטאָרבען. איך בין איהרע אַ קונה געווען. איך האָב אָפט פון איהרע סחורה פערשיעדענע זאַכען פאַר זיך איינגעקויפט, פערשיעדענע קליינינגקייטען, וועלכע זיינען מיר נויטיג געווען. נור זי האָט געהאַט פיעל קונים ווי איך און זי האָט מיין פּנים איבריג ניט בעמערקט און זי געדענקט מיך ניט.

ביים ווינקעל־הויז איז צוגעקלאַפּט אַ גרינער בריעף־קאַסטען. אַהער פלעג איך מיט מיין אייגענער האַנד מיינע בריעף אַרונטערלאָזען. אויף קליינע ווייסע קאָנווערטלאַך איז מיין כתב געווען געשריעבען מיט קליינע שטעכיגע אותיות׳לאַך. צווישען די פולע אַנדערע בריעף וועלען שוין מיינע מעהר ניט ליעגען.

אין יענעם קוואַס־ביידעלע האָב איך אָפט קאַלטע וואַסער געטרונקען. יענער בעטלער, וואָס בעטעלט איצט ביי מיינע לויה־בעגלייטער, האָט אָפטמאָל אויך ביי מיר געבעטעלט.

מיין לויה ציהט זיך, און מענשען שטעלען זיך אָפּ און פרעגען, ווער איז דאָס געשטאָרבען? מען זאָגט זיי. זיי גיבען אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און געהען דורך. אָן האָט זיך אָבגעשטעלט אַ יונגער מענש. ווער איז דאָס געשטאָרבען ? — פרעגט ער אויך. ער קען מיך ניט, איך קען איהם אויך ניט, נור ווער ווייס, אפשר גראַד אין דערזעלבער גאַס האָבען מיר זיך ווען בעגעגענט, אפשר האָבען אונזערע בליקען איינס דעם אַנדערן געשמייכעלט, ווען מיר האָבען איינער דעם אַנדערן דעם וועג דורכגעלאָזען.

מיין לויה ציהט זיך לאַנג. און הינטער

מיין לויה ציהט זיך א לאַנגער שנור פוהרען. דאָס פיהרט מען פולע וואָגענס מיט פרישע אויבסען. דער זאַפטיגער זיסער עפּעל־ריח פילט אָן די גאַס. שעהנע עפּעל, רויטע עפּעל און ווייסע. עס איז דאָס יאָהר געראָטען אויבסט און אין מאַרק ליגען גרויסע קופּעס, מענשען קויפען און גרייטען אויף שפּעטער.

פון א הויף לויפט אַרויס א קליין מיידעלע — א צופּודעלטע און א בעליידיגטע און וויינט אָבגעצויגען: מאַמע... מאַמע!... דאָס קינדערשע שרייענדיגע קול׳כיל שלאָגט זיך אָב אָן מיין מיטה.

מען פיהרט מיך דורכ׳ן מאַרק, איבער גאַסען. מענשען קומען נייע אָן, שטעלען זיך אָב, פרעגען ווער איז דאָס געשטאָרבען. אַנדערע פרעגען אויך ניט — לויפען אַזוי זיך פערביי.

אַלע איילען זיך: דער טאָג איז קורץ און די אַרבייט איז פיעל.

נאָר אָן זעהט זיך שוין פון וויטען דער בית־עולם... דער טויער איז אויפגעעפענט. מיין קבר איז אויסגעגראָבען און וואַרט. מען ווערט איילענדיגער, האַסטיגער, די טריט ווערען גרעסערע. באַלד... די שטאָדט מיט די פיעלע געביידען, מיט פיעלע מענשען, מיט דאָס לעבען ווערט אַלץ ווייטער הינטער מיר. באַלד... און דער הימעל, דער פערטראַכטער, שטילער הימעל — דער ל פטיגער און טיעפער וועט זיך שוין באַלד ניט זעהען איבער מיר. מיין מיטה וועט מען אָבשטעלען א ליידיגע אָן דער זייט. דער עולם מענשען וועט זיך צוגעהן. איבער מיר וועט מען אָוועקלעגען די אייביגע ברעטלאַך. און די ערד, די פרישע אויסגעגראָבענע ערד, וועט מען צושיטען אויף מיין קבר און צודעקען.

דר. פרענק ראָזענבלאַט (בן־יקיר)

ווידער די „צוקונפט“ און איהר היסטאָריקער

איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט אויסנוצען די זייטען פון דער „צוקונפט“ אויף „פּאָלעמיק“ מיט י. מילך. אין מיין אַרטיקעל אין אויגוסט נומער פון דיעזען זשורנאַל האָב איך בלויז געזוכט אויפצודעקען איינִיגע בייזוויליגע פערדרעהענישען פון אמת, וואָס מילך האָט אונטערגעטראָגען אין דער פאָרמע פון „היסטאָריע“ דעם לעזער אין רוסלאַנד. און עס איז זעהר קאָמיש געווען צו זעהן, ווי מילך, וועלכער האַלט זיך פאַר א רעגעלען „קיבעצער“, איז עס אַזוי אויפגעקאָכט געוואָרען און איז שיעור פון זינען ניט אַראָב, הלמאַי מען האָט איהם געזאָגט א טראַפעלע אמת.

מילך איז ווירקליך דערצו ניט צוגעוואָהנט. יאָהרען לאַנג האָט ער געשריעבען „שטימען פון פאָלק“, אטאַקירענדיג און בעליידיגענדיג יעדען שרייבער, צו וועלכען ער האָט נור געפיהלט קנאה. געוועהנליך האָט איהם אָבער יעדער איגנאָרירט, און מילך האָט זיך אויף אַזא אופן איינגעלעבט אין דער ראָלע פון יענער קליינער בעשעפענים אין קרילאָוו׳ס פאַבעל וואָס פלעגט אָנפאַלען אויף יעדען עלעפאַנט מיט דער האָפנונג, אַז א זייטיגער מענש, — צום ביישפּיעל, א קרעמער וואָס האַנדעלט מיט צוקערקעס, — וועט איהם אָננעהמען טאַקע פאַר א וויכטיגע פערזענליכקייט.

איך וואָלט זיך איצט אויך מיט איהם מעהר ניט פערנומען. און וואָס, אין דער אמת׳ן, קען מען ענטפערען אויף אַזעלכע פּאָלעמישע פערל, מיט וועלכע מילך איז מיך מכבד אין דער „אידישער וועלט“:

„עס איז ניט לייכט צו קעמפּפען מיט אזוינעם, וועלכען איהר היט זיך אָנצוריהרען, אויס מורא איהר זאָלט איהם ניט צוקוועטשען. און נאָך שווערער איז עס, ווען דער געגנער איז אַזא, וועלכער האָט זיך פאַר אייך יאָהרען לאַנג געבויגען אין דרייען און זיך געקנייטשט און געחנפה׳ט, און, ווי מען זאָגט, געקראָכען אונטער די נעגעל. עס נעהמט איינעם פּשוט אָן אַ רחמנות און אַן עקעל צו בעטראַכטען, ווי אַזא יונגערמאַן לאָזט זיך אויף א וועג פון שקרים און רכילות. עס איז ניט אַנגענעהם, און עס איז ניט לייכט, און עס קען אויפ׳ן בעסטען אופן, ניט פערשאַפען קיין כבוד. אָבער עס איז ניט צוליעב איהם, וואָס איך וויל זיך בעשעפטיגען מיט דעם בחור. וואָלט זיך נור געהאַנדעלט וועגען איהם — איך וואָלט מוחל געווען אויף מיין כבוד און אויף דעם כבוד פון אַלע איבריגע במחילה גמורה. די צרה איז אָבער, וואָס דיעזער בחור איז א קליין שרייפעל פון א גרויסע, ריעזיגע מאַשין, א מאַשין וואָס בעזיצט זעהר פיעל קראַפט צום שלעכטען. ער איז א טהייל פון א „סיסטעם“, וואָס האָט זיך איינגעגעסען אין אונזער עפענטליכען לעבען; וואָס הערשט מיט גרויס חוצפה און פרעכהייט און פערפעסטעט די לופט און פערדאַרבט אַלעס גוטעס און בעשימפּפט און בעשמוצט און בעזידעלט אַלע

אַנשטענדיגע מענשען און פערטרייבט אלעס, וואָס איז פעהיג און געוויסענהאַפט.

עס איז די סיסטעם וואָס הערשט דורך דעם, ווייל זי ציהט צו זיך צו, מיט איהר ספּעציעלען כח המושך אַלץ וואָס איז אונפעהיג און טאַלאַנטלאָז, אַלץ וואָס האָט קיין געוויסען און קיין וויסען, אלץ וואָס זוכט צו לעבען א לייכטען לעבען אויף דעם חשבון פון דעם כלל. אָט צוליעב דעם, וואָס דער בחור איז געוואָרען א טהייל פון דיעזער „סיסטעם“, וואָס ער האָט זיך בעהעפט צו דער „סטרא אחרא“, און האָט דורך דעם בעקומען א טהייל פון איהר כח, אָט צוליעב דעם מוז מען זיך מיט איהם בעשעפטיגען.“

מילך, הייסט עס, גיט דאָ אַנצוהערעניש אויף דעם וואָס איך בין זייט איינעגע וואָכען דער גענעראַל־סעקרעטער פון דעם „אַרבייטער רינג“. מילא, עס איז מיר פיעל ליעבער צו זיין א שרייפעל פון דער „גרויסער ריעזיגער מאַשין“, א טהייל פון דער „סיסטעם“, וואָס זוכט צו פערבעסערען די עקאָנאָמישע און גייסטיגע לאַגע פון פופציג טויזענד אידישע ארבייטער, איידער צו זיין א „שרייפעל פון דער מאַשין“ און א טהייל פון דער „סיסטעם“, צו וועלכער מילך בעלאַנגט. מילך׳ס מאַשין — דאָס איז די מאַשין פון דעם סוועט־שאַפּ; מילך׳ס „סיסטעם“ — דאָס איז די „סיסטעם“ וואָס זאַפּט דאָס בלוט און שוויים פון ארבייטער־מענער, פרויען און קינדער.

און אָט דערפאַר ווייל מילך האָט דאָ אריינגעמישט מיין שטעלע אין דעם „אַרבייטער רינג“, מוז איך, אלס דער פערטרויטער בעאמטער פון דעם גרויסען אַרבייטער־אָרדען, צוריקשליידערען די אַלע שקרים און פערלוימדונגען וואָס מילך האָט געגען מיר געמאכט, ווי ערנידעריגענד און אבשייליך די ארבייט זאָל מיר ניט אויסקומען. און זאָלען מיר די לעזער פון דער „צוקונפט“ מוחל זיין פאַר דיעזען סאָרט „פּאַלעמיק“.

* * *

פריהער פון אַלץ א פּאָר ווערטער וועגען מילך׳ס וואַזשנעם ארויספאָהר, אז איך האָב זיך פאַר איהם „יאָהרען לאַנג געבויגען אין דרייען“, און ז. וו., און ז. וו. מען מוז ווירקליך דערשטיקען אין זיך א געפיהל פון עקעל, אום צו רעדען וועגען דעם. מילך, הייסט עס, וויל זיך אזוי ביטרע ארויסשטעלען פאַר דער גאַלאָרקע און דוקא אויף מיין חשבון פאַר א גאַנצען מהות, פאַר א ריכטיגען „יא טעביע דאַם“, פאַר וועלכען מען בויגט זיך יאָהרען לאַנג אין דרייען און ז. וו. תוך כדי דבור שפּרינגט אָבער אין איהם ארויס דער נאַרישער בעריהמער און ער דרוקט אָב מיינעם א בריעף אלס א הסכמה אויף זיינעם אַן ארטיקעל. ווייסט איהר ווען דער בריעף איז געשריעבען געוואָרען? — מיט דריטהאַלבען יאָהר צוריק! פרעגט זיך: אויב מילך איז ווירקליך אזא פריץ און איך — אזא „בחור“, טאָ ווי קומט עס, וואָס ער האָט זיך אזא לאַנגע צייט ארומגעטראָגען אין קעשענע מיט מיין הסכמה?

איז עס שוין אָבער יא געקומען צו רייד וועגען דעם און מוז איך זיך שוין יא שטעלען אויף איין ברעטעל מיט מילך׳ן, איז כדאי צו פערליערען אייניגע ווערטער וועגען דער מעשה מיט דעם בריעף.

אין 1911 איז יוסף באַראָנדעס געוואָרען א מיטגליעד פון דער ניו יאָרקער באארד אָוו עדיוקיישאָן. די „פרייע ארבייטער שטימע“ (מילך זאָגט אז דער „פאָרווערטס“ אויך) האָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו שרייבען עטליכע שטעכווערטלאַך געגען באַראָנדעס׳ען. מילך האָט זיך דאַן אָנגענומען פאַר באַראָנדעסען און איך בין גראדע געווען מיט איהם איינפערשטאַנען. געוואוינט האָב איך דאַן אין וואַשינגטאָן. אין אייניגע מאָנאַט ארום בין איך געווען ביי א געלעגענהייט אין ניו יאָרק. צופעליגערווייזע האָב איך זיך געטראָפען מיט מילך׳ן און ער האָט מיר דערצעהלט, אז די „פאָרווערטסיסטען“ האָבען איהם פערקלאָגט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אז ער מוז האָבען אייניגע ערנסטע און אנערקענטע סאָציאַליסטען, אז זיי זאָלען איהם פערטהיידיגען. האָט ער ביי מיר געבעטען אז איך זאָל איהם צושיקען א בריוועל. דער בריעף פאַנגט זיך דאַרום אָן מיט די ווערטער: „איך האָב נור וואָס נאָך אמאָל איבערגעלעזען אייער ארטיקעל“, און אין גאַנצען לעזט זיך דער בריעף ניט ווי א פּריוואַט בריעף, נור ווי ער איז געשריעבען געוואָרען פאַר דער עפענטליכקייט.

אַלזאָ, מילך האָט דעם הסכמה־בריעף אויסגעבעטעלט, אויסגעשנאָרט ביי דעם דאָקטאָר אין גענזענפּיסלאַך, ביי דעם „בחור“ (ווי ער רופט מיך אָן), ביי דעם קליינעם „שרייפעל“ פון דער מאַשין.

* * *

מילך האָט אייגענטליך אויף קיין פּונקט פון מיין ארטיקעל ניט געענטפערט. ער האָט נור געגאָסען מיט שימפּפעריי‍ען און זידלערייען, האַלטענדיג זיך פאַר דעם כלל, ווי ער אליין זאָגט: „פערלוימדע פרעך, עטוואָס בלייבט דאָך קלעפּען“. איך קען דאָס אלעס פערבייגעהן מיט פעראַכטונג. אויף א פּאָאר פּונקטען וויל איך זיך אָבער אָבשטעלען:

אין מיין ארטיקעל האָב איך אָנגעצייגט, אז מילך האָט אין זיין פנקס „היסטאָריע“ אינגנאָרירט וויכטיגע שרייבער, געגען וועלכע ער האָט געהאַט געוויסע קריוודעס. דאַן האָב איך אין לצנות געזאָגט:

„וועגען זיך אליין איז גענאָסע יעקב מילך, ווי ער זאָגט, צו בעשיידען צו רעדען. בלויז אין דריי־פיער פלעצער דערמאָנט ער זיך אלס „דער שרייבער פון אָט די שורות“, „דער שרייבער פון דעם ארטיקעל“, און אויף איין פּלאַץ בעמערקט ער, גלאַט אגב אורחא, אז דער שרייבער

פון דעם ארטיקעל איז געוועזן א לאנגע צייט איינער פון די הויפט מיטארבייטער, און א געוויסע צייט אויך רעדאקטאָר פון „צוקונפט“. זעהר בעשיידען! אָבער דאָך, פערצייכענט מילך איבער'ן גאנצען לענג פון זיין ארטיקעל יעדען קוצי של יוד וואָס איז נור פון זיין פעדער ארויסגעקומען.“

דער פלאַץ אין מילך'ס ארטיקעל, וועלכען איך דערמאָן דאָ, בעהאנדעלט די אלטע „צוקונפט“, בעפאָר 1902. מילך זאָגט, אז ער האָט ניט דערמאָנט קיינעם פון זיינע ארטיקלען, אויסער „דעם איינעם פון יאנואר נומער 1893“. (ער האָט „פערפאסט“ ווי ער זאָגט, א ביאָגראפיע פון ראָבערט אוען. אלע האָבען געשריעבען, בלויז מילך האָט „פערפאסט“). קען מען דאָך מיינען, אז ער האָט געשריעבען צעהנדליגע ארטיקלען אין דער אלטער „צוקונפט“. דער אמת איז אָבער, אז מילך האָט טאקע מעהר ווי דעם איינעם ארטיקעל אין דער אלטער „צוקונפט“ ניט געהאט. און דאָך האָט ער קיין בושה ניט צו ענדיגען זיינע רייד וועגען דער אלטער „צוקונפט“, אז ער קען ניט קריטיקירען „די אלע ארטיקלען“ ווייל—

„פאר דעם שרייבער פון דעם ארטיקעל וואָלט זיך דאָס נאָך ווענינער געפאסט, ווייל ער איז געוועזן א לאנגע צייט איינער פון די הויפט מיטארבייטער.“

קוצי של יוד אָדער ניט קוצי של יוד, איבער'ן גאנצען לענג פון דער פנקס־„היסטאָריע“ איז אָבער אלץ פול מיט מילך'ן און מיט מילך'ן. און דער לעזער פון יענער זייט ים קען טאקע מיינען, אז מילך איז איינפאך דער זייל פון דער אידישער ליטעראטור.

בעזאָנדערס כאַראַקטעריסטיש קומט אָבער דער מילך אַרויס אין דעם פאָלגענדען פאַל:

אין מיין ארטיקעל אין דעם אויגוסט נומער „צוקונפט“ האָב איך געשריעבען:

„עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז אין יאַנואַר נומער „צוקונפט“, האָט דר. קאַספּע געדרוקט זיין אַרטיקעל „אונזער „צוקונפט“ און אונזער „פאָרווערטס“. ער האָט קיין איין וואָרט, קיין איין אות ניט דערמאָנט געגען „פאָרווערטס“. אפילו זעלבסט אונזער היסטאָריקער מילך האָט אין זיין אַרטיקעל „די געבורט פון דער „צוקונפט“, און איהר בעדייטונג“ קיין אָנצוהערעניש ניט געגעבען, אז די נייע „צוקונפט“ איז געבאָרען געוואָרען מיט אַ מיסיאָן אַלס פּראָטעסט געגען דעם „פאָרווערטס.“

ערשט אין דעם פעברואר נומער, נאָך דעם ווי דער „פאָרווערטס“ האָט אָבגעלאַכט פון די „וואָרטפיהרער“ פון דער „צוקונפט“, האָט די רעדאַקציאָן אויסגעפונען, אז עס איז איהר פפליכט צו „קעמפּפען“ געגען דער שעדליכער מאַכט פון „פאָרווערטס“... אלזאָ, ערשט אין פעברואר 1912, ווען דער „פאָרווערטס“ האָט זיי אָנגעגריפען, האָבען די רעדאַקטערע פון דער „צוקונפט“ אויסגעפונען, אז דער „פאָרווערטס“ איז א ימח שמו'ניק און מיט א הייליגער שבועה לאָזען זיי דאַן וויסען, אז „עס מוז איין מאָל פאר אלע מאָל אויפגענומען ווערען דער קאמפף געגען דיעזען דעמאָראַליזירענדען גייסט, וואָס דער „פאָרווערטס“ האָט אריינגעבראַכט אין דער אידישער ארבייטער בעוועגונג.“

ווי איהר זעהט, האָב איך געזאָגט, אז אין דעם יאַנואַר נומער „צוקונפט“ האָט דר. קאספּע ניט געשריעבען קיין שלעכטעס געגען „פאָרווערטס“. איך האָב אונטערשטראָכען, אז ערשט אין פעברואר, ערשט נאָך דעם ווי דער „פאָרווערטס“ האָט אָבגעלאַכט פון דער קינדערשער בעריהמעריי פון א. ש. זאקס אין דעם יאנואר נומער, אז די דאמאָלסדיגע מיטארבייטער פון דער „צוקונפט“ זיינען געווען „די ווארט פיהרער פון יעדען נייעם געדאנק, פון יעדער נייער שטרעבונג“, — ערשט דאַן האָבען די רעדאקטערע אויסגעפונען, אז מען דארף בעקעמפפען דעם „פאָרווערטס“.

איז וואָס טהוט מילך?

ער לאָזט אויס די צווייטע טייל פון דער געשיכטע, אז אין פעברואר האָבען די רעדאקטערע (פון וועלכע דר. קאספּע איז געווען איינער) יא בעשלאָסען צו קעמפפען געגען „פאָרווערטס“. ער ברענגט בלויז מיינע ערשטע ציטאַטען וועגען קאספּע'ס ארטיקעל אין יאנואר נומער. ער שטרייכט אונטער די ווערטער „קיין איין וואָרט, קיין איין אות“. און דאַן ברענגט ער בעווייזע, אז איך בין א פ ע ל ש ע ר. ער ברענגט א היבשע ביסעל בעווייזע פון קאספּע'ס ארטיקעל צו צייגען, אז דר. קאספּע האָט זעהר שטארק אָנגעגריפען דעם „פאָרווערטס“.

ווייסט איהר אָבער וואו האָט מילך די געפעהרליכע ציטאַטען גענומען? גראדע פון קאספּע'ס צווייטען ארטיקעל אין דעם פעברואר נומער, וועגען וועלכען איך שרייב אויסדריקליך, אז „ערשט אין פעברואר, 1912, ווען דער „פאָרווערטס“ האָט זיי אָנגעגריפען, האָבען די רעדאקטערע פון דער „צוקונפט“ אויסגעפונען, אז דער „פאָרווערטס“ איז א „ימח שמו'ניק“ א. ז. וו.

איך בעט, אז דער פעראינטערעסירטער לעזער זאָל אויפמערקזאם בעטראכטען דעם פלאַץ אין מיין ארטיקעל, מילך'ס ענטפער, די צוויי העלפטען פון קאספּע'ס ארטיקעל אין „צוקונפט“ פון יאנואר און פעברואר, 1912. און ערשט דאַן וועט ער ריכטיג ארויסזעהן, וואָס פאר א שענדליכע פינגער־מלאכה מילך איז דאָ בעגאנגען.

און מילך האָט קיין בושה ניט, גלייך אויף דעם פלאַץ, נאכדעם ווי ער טהוט אָב דיעזע שטיקעל מלאכה, אויסצורופען פאטעטיש:

„יא, עס בלייבט א רעטעניש, ווי אזא בחור שעהמט זיך ניט צו ווייזען די אויגען אויפ'ן גאס.“

* * *

מילך רופט מיך „מצח אשה זונה“. איך וואָלט געקענט ברענגען פיעלע ביישפּיעלע, פון וועלכע דער לעזער וואָלט געקענט ריכטיג אור־

טהיילען, ווער פון אונז בײדע האָט דעם מצה אשה זונה. אָט, צום בײשפּיעל, שרייבט ער וועגען מיר שוואַרץ אויף ווייס:

„פון אַ „בעשטענדיגען פּראָטעסט" האָט ער געמאַכט א „בעשטענדיגעס פּראָטעסטירען". א קליינע פעלשונג."

נון, בעט איך דעם לעזער נאָך אמאָל דורכצולעזען מיין אַרטיקעל און אויסצוגעפינען, צו עס איז פאַראַן ביי מיר אזא פראזע ווי „בעשטענדיגעס פּראָטעסטירען".

מילך מאַכט זיך איצט תם'עוואַטע. ער זאָגט, אז ער האָט ניט בעהויפּטעט, אז די „צוקונפט" האָט שטענדיג פּראָטעסטירט. ער שרייבט: „איך האָב נור געזאָגט, אז די „צוקונפט", איהר עקזיסטענץ, איז געווען א בעשטענדיגער פּראָטעסט." דעם אמת גערעדט, טהוט אונז הנאה וואָס ער האָט זיך גענוזט אויף דעם מודה זיין עפענטליך. עס קען זיין, אז צוליעב דעם אליין איז ווערטה געווען בעשימפּפט צו ווערען פון א מילך'ן.

מילך טענה'ט אָבער, אז ער האָט דאָס זעלבע געזאָגט אין זיין פּנקס־„היסטאָריע". בעט איך די לעזער צו בעטראַכטען די פאָלגענדע ציטאַטען פון „פּנקס."

„אָט די פּראָגראַם (א. ליעסין'ס פּראָגראַם אַרטיקעל אין דער צוריק אויפגעלעבטער „צוקונפט" פון 1902), ווי מען קען זעהן, האָט מיט שאַרפע ווערטער פעראורטהיילט די מחלוקת און דעם גרינדען פון א נייע צייטונג. אָבער א. ליעסין איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט דער צייטונג (דעם „פאָרווערטס"), וואָס איהר גרינדונג האָט ער איצט פעראורטהיילט. צו דאָס איז געשריעבען געוואָרען מיט א כיון, צו ניט, אָבער דאָס איז טאַקע געווען די ריכטונג, וואָס די „צוקונפט" האָט אָנגענומען. פון יאָהר 1902 ביז 1912 איז די „צוקונפט" געווען א בעשטענדיגער פּראטעסט געגען דעם טעגליכען „פאָרווערטס."

אין אן אנדער פּלאַץ, רעדענדיג וועגען דעם אַלטען געשעפטס־פיהרער א. ר. נעטער, שרייבט מילך:

„מיט זיין מיטהילף האָט זיך די „צוקונפט" אַליין מעהר ענטוויקעלט צום געגנער פון „פאָרווערטס". די דאָזיגע געגנערשאַפט האָט ניט געשטערט דעם „פאָרווערטס" צו ווערען די גרעסטע און רייכסטע אידישע צייטונג אין דער וועלט... זי האָט אָבער געשטערט זיין רוה... דער „פאָרווערטס" איז געוואָרען וואָס אַמאָל רייכער, די „צוקונפט" — איינפלוסרייכער. דער דאָזיגער צושטאַנד האָט געפיהרט צו רייבערייען, וואָס די „צוקונפט" האָט געליטען פון זיי פינאַנציעל, דער „פאָרווערטס" — מאָראַליש."

ווי דער לעזער זעהט, איז דאָס שוין ניט אן אַרטיקעל מיט א פּאָאר בעמערקונגען געגען „פאָרווערטס" איין מאָל אין צעהן יאָהר, וואָס נור אזא חכם און למדן, ווי מילך, קען עס אָנרופען „פּראָטעסט." דאָס איז שוין אויך ניט די פּאַסיווע „עקזיסטענץ" פון דער „צוקונפט", נור די „ריכטונג", די „רייבערייען", וואָס האָבען געשטערט דעם „פאָרווערטס" די „רוה". דאָס איז די אַקטיווע „געגנערשאַפט" פון דעם זשורנאַל, וואָס איז געווען א „בעשטענדיגער פּראָטעסט" געגען דעם „פאָרווערטס". און דאָס איז אַן אַבסאָלוטער ליגען, וואָס מילך האָט פערשריעבען אין „פּנקס". מילך אַליין גיט איצט צו, אַז דאָס איז א ליגען.

מילך האָט געשריעבען פאַר'ן ווייטען לעזער איבער'ן ים, אַז די פריהעריגע „צוקונפט" האָט דאָס געהאַט דעם געוואַלטיגען איינפלוס. מילך האָט זיך זעלבסט ארויסגעשטעלט אין דער „היסטאָריע", אַז ער איז געווען דער הויפּט מאַכער אין דער „צוקונפט", האָט ער, הייסט עס, געהאַט דעם געוואַלדיגען איינפלוס. ער איז דאָס געווען, הייסט עס, די וויכטיגע פערזענליכקייט, דער זייל פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ. נון, אַזעלכעס קען מען שוין ניט לייקענען. דאָס קען מען נור אויסלאַכען!

* * *

ווי געזאָגט, האָט מילך די וויכטיגסטע פּונקטען פון מיין אַרטיקעל אין זיין „ענטפער" גאָר ניט בעריהרט. צום בײשפּיעל, איך האָב איהם אָנגעצייגט, וואָס פאַר אַן עם הארץ ער איז, ווען ער בעהויפּטעט, אַז די אידישע אימיגראַנטען האָבען איינגעפיהרט אין אַמעריקאַ שוויץ־סיסטעם, בעת דיעזע סיסטעם איז שוין דאָ געווען איינגעוואָרצעלט נאָך מיט א האַלבען יאָהרהונדערט בעפאָר די אידישע אימיגראַציאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען.

מילך מאַכט אָבער וועגען דעם גאַנץ כיטרע א שוויג.

ווייטער, איך האָב איהם אויפמערקזאַם געמאַכט: אָט ליעגט פאַר מיר א. ליעסינ'ס פּראָגראַם אַרטיקעל פון דער אויפגעלעבטער „צוקונפט" פון 1902, און איך געפין דאָרט ניט, אַז ליעסין האָט פעראורטהיילט דעם „פאָרווערטס" „מיט די שאַרפסטע ווערטער". און ווען מילך בעהויפּטעט עס אין זיין „היסטאָריע" און לעגט נאָך דאַביי צו מיט א פרומער מינע: „אָבער א. ליעסין איז געשטאַנען מיט דער צייטונג, וואָס איהר גרינדונג האָט ער פעראורטהיילט" — איז דאָס א ליגען, וואָס איז געצילעוועט צו וואַרפען א חשד פאַר'ן לעזער אין רוסלאַנד אויף ליעסין'ען, אַז ער האָט זיך פערקויפט צום „פאָרווערטס" (דער לעזער אין רוסלאַנד ווייס דאָך ניט, אַז דער „פאָרווערטס" איז נאָך דאַן געווען שרעקליך אָרעם).

מילך מאַכט אָבער ווידער כיטרע א שוויג וועגען דעם.

און אזוי ווייטער און ווייטער.

דערפאַר אָבער בענוצט ער זיך גאַנץ אָפּט מיט דער גוט בעקאַנטער מעטהאָדעלע פון „כאַפּט א גנב“. איך, צום ביישפּיעל, האָב גע־שריעבען, אז אין אונזער צייט, בעת דער אמאָ־ליגער קאַמפּף געגען די אַנארכיסטען האָט שוין לאַנג אויפגעהערט, איז פּשוט ניט אויפריכטיג איינצוטיילען די אלטע „פרייע ארבייטער שטי־מע“ מיט אַן אַטעסטאַט, אז זי האָט „רעפּרע־זענטירט די ערגערע, די ערגסטע זייט פון דעם בעפרייאונגס־געדאַנק“, אז „זי איז געווען ווילד־אַנאַרכיסטיש“, אז אין אלגעמיין האָט די אַנאַר־כיסטישע בעוועגונג „תמיד אפּעלירט מיט קנאַ־קענדיגע פראַזען און פּלאַצענדיגע באָמבעס“. טאָ וואָס טהוט מילך? — מיט א מינע פון א צדיק זאָגט ער: „איך וויל דערפאַר נור איבערגעבען, וואָס איך האָב באמת געשריעבען, און דער לע־זער וועט דאַן זעהן, ווי אזוי עס ארבייטען די פעלשער פון ציטאַטען.“ וואַרט דאָך דער לעזער צו זעהן די פעלשונג פון ציטאַטען. נון, ברענגט אָבער מילך דיזעלבע ציטאַטען. ווי קען א ציטאַ־טע זיין געפעלשט און אין דער זעלבער צייט זיין א ריכטיגע קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל? מילך קימערט זיך ניט וועגען דעם. ער ווייס בלויז איין זאַך: „פערלוימדע פרעך, עטוואָס וועט זיך דאָך צוקלעפּען“!

דעם זעלבען קונץ און שוין מיט אַן אמת'ער פעלשונג פון ציטאַטען מאַכט מילך אויך מיט מיין בעמערקונג: „מאָררים הילקוויט קריגט אַן אַטעסטאַט, אז ער איז שטענדיג געוועזן אויבער־פלעכליך.“ זאָגט מילך, אז איך האָב אויף איהם געמאַכט א בלבול. ער זאָגט, אז איך האָב איהם „פער'מסור'ט“, אז ער האָט געשריעבען: „מאָ־ריס הילקוויט איז אַן אויבערפלעכליכער מאַן“. און ער נעהמט די לעצטע פראַזע אין גענזען־פיס־לאַך, דאָס הייסט, ער זאָגט, אז איך האָב איהם צוגעשריעבען די ווערטער אז „מאָריס הילקוויט איז אַן אויבערפלעכליכער מאַן.“ און דאַן ברענגט ער די זעלבע ווערטער וואָס איך האָב ציטירט אין מיין ארטיקעל, אז הילקוויט איז „שטענדיג געוועזן אויבערפלעכליך.“

פאַרבייגעהענדיג א כאַראַקטעריסטישע קלייניגקייט: צוריק מיט יאָהרען האָט מאָריס הילקאָוויטץ געביטען זיין נאָמען אויף מאָריס הילקוויט. אונטער דיעזען נאָמען איז הילקוויט בעריהמט געוואָרען אין אַמעריקא און אייראָפּאַ. זעהר ווייניג מענשען ווייסען, אז הילקוויט האָט אַמאָל געהייסען הילקאָוויטץ. מילך אָבער צייגט ארויס זיין גיפט מיט דעם וואָס ער רופט איהם נאָכאַנאַנד אַלץ ניט הילקוויט, נור הילקאָוויטץ. דאָס האַרץ דערלאָזט איהם ניט צו רופען הילקוויט'ען ביי דעם נאָמען, מיט וועלכען יעדער קען איהם. בלויז איין מאָל דערמאָנט ער הילקאָוויטצ'ען און רינגעלט איין „הילקוויט“, כדי צו ווייזען, אז הילקוויט האָט זיין נאָמען געבי־טען. קען מען דאָך מיינען, אז מילך האָט אזא שנאה צו מענשען, וואָס בייטען זייערע נעמען. האָט ער אָבער א פריינד, וואָס האָט גאָר ניט לאַנג צוריק אויך „פערענגלישט“ זיין נאָמען. יענעם אָבער פערגעסט ער שוין די עבירה'לע און רופט איהם גראָדע נאָכאַנאַנד אלץ מיט'ן ענגלי־שען נאָמען.

* * *

אום צו אַמוזירען אַביסעל דעם לעזער נאָך די אלע לאַנגווייליגע ציטאַטען, וויל איך דאָ דערצעהלען נאָך עטוואָס.

איך האָב בעשולדיגט מילך'ן, אז ער האָט געזוכט צו מאַכען אין זיין פּנקס־„היסטאָריע“ א פאַלשען איינדרוק, ספּעקולירענדיג אויף דעם, וואָס דער לעזער אין רוסלאַנד איז ווייט און איז אונבעקאַנט ניט מיט'ן ענין און ניט מיט די פּער־זאָנען. וואָס טהוט ווייטער מילך? געהט ער און ברענגט א קאָמפּלימענט פון „ש. ראָזענפעלד אויס וואַרשאַ“. א מענש מיט א האָרעלע שכל וואָלט איינגעזעהן, אז א מיינונג פון „ש. ראָ־זענפעלד אויס וואַרשאַ“ האָט ניט קיין ווערטה אין דיעזען פּרט פּשוט דערפאַר, ווייל ש. ראָ־זענפעלד איז „אויס וואַרשאַ“. מיר דאָ, צום בי־שפּיעל, לאַכען אין די הויפענס, ווען מילך וויל מאַכען דעם איינדרוק, אז ער האָט זיך אויפגע־אָפּפערט, אז ער האָט יאָהרענלאַנג מקריב געווען גוט און בלוט. ש. ראָזענפעלד איז אָבער „אויס וואַרשאַ“ — גלויבט ער מילך'ן. שפּרינגט ווידער ארויס דער נאַרישער בעריהמער און ער טראָגט אונז אונטער ראָזענפעלד'ס קאָמפּלימענט און רופט אויס מיט אמת'ן טריאומף:

„אָט דאָס איז דער איינדרוק, וואָס מיין ארטי־קעל האָט געמאַכט אויף א ליטעראַט אין וואַרשוי.“

יא, ווען מען גאָט וויל שטראָפען, רויבט ער ביי איהם פריהער דעם שכל. אָרימער מענש!

דר. פ. ראָזענבלאַט'ס אַרטיקעל געגען י. מילך אין אויגוסט נומער „צוקונפט“ איז געווען אַן ענט־פער אויף אַן אַנגריעף — דערביי אויף אַן אַנגריף, וואָס איז געמאַכט געוואָרען ניט געגען איהם פּער־זענליך. האָט דר. פ. ראָזענבלאַט געקראָגען פון מילך'ן אַזאַ „גאָב“, אין אזא טאָן און מיט אזא שפּראַך, דאָס מיר פּיהלען, אז ער איז דורכאויס בערעכ־טיגט צו דיעזען ענטפּער. דערמיט איז די פּאָלעמיק אין „צוקונפט“ געשלאָסען. — די רעדאַקציאָן.

אַלגין.

ביבליאָגראַפיע

„רויזענבלעטער“, ליעדער פון שמואל יעקב אימבער.
פערלאַג ב. א. קלעצקין. ווילנא, 1914.

געבענשט זאָל זיין די האַנד, וואָס האָט בעשאַפען די זון און דעם שמייכעל און די רויטע נעלקע; און נאָך געבענשטער זאָל זיין דער, וואָס האָט בעשאַפען די יוגענד!

ס'אַרא פרייד עס איז צו בעגעגענען א יונגען נפש — אָבער טאַקע א יונגען, וואָס יונג הייסט! קוקסט אויף איהם און וואונדערסט זיך, ווי דאָס שטראַהלט און גלאַנצט, ווי דאָס פּערעלט און לאַכט! פּרוּף אָקאָרשט דערצעהל איהם עפּעס א טרויעריגס, פּרוּף אפילו איהם פערשאַפען א שמערץ, אודאי וועט ער ווערען געריהרט, אפשר וועט ער זיך גאָר צוואַוויינען. אָבער הינטער די טרעהרען, הינטער דעם וועהטאָג איז דאָ אזא אוצר פון פרעהליכקייט. אזא שפע פון ליכט, אז עס שפּאַרט ממש פון אלע זייטען. ניט צו בעהאַלטען, כאָטש שריי געוואַלד.

קוקסט אויף איהם — און ס'ווילט זיך דיר אַליין אָנהויבען לאַכען.

אָט אזא מין געפיהל האָט איהר, ווען איהר לייענט דאָס נייע בוך ליעדער פון שמואל יעקב אימבער.

אז ער איז יונג אין יאָהרען—דאָס פערשפּאַרט מען דערצעהלען. סך־הכל צוריק מיט א יאָהר זעקס אז ער האָט זיך אָנגעהויבען דרוקען. דאָס ערשטע ביכעלע זיינס איז געווען „וואָס איך זינג און זאָג“ — א קליינטשיק ביכעלע ליעדלאַך, ארויסגעגאַנגען אין גאַליציען. לצים האָבען זיך דעמאָלט געוויצעלט, אז ס'איז מעהר „געזאָגט“ ווי „געזונגען“, און איינגאַנצען האָט עס געהאַט א פּנים פון א ליעדער־אלבום, וואָס איהר קענט געפינען ביי יעדער גימנאַזיסטקע. אָבער שוין דאָרטען זיינען געווען איניגע געלונגענע זאַכען. ניט מעהר: מ'האָט גערעכענט אז זיי זיינען נאָכגעמאַכטע, ס'האָט זיך געפיהלט, אז דאָס איז נאָך גאָר א רויהער נפש. ס'זיינען אָבער אוועקגעגאַנגען א יאָהר פיער — דער אייגענער אימבער האָט ארויסגעגעבען א פּאָעמע „אסתר'קע“; — און די קריטיק האָט זי שוין געמוזט בעמערקען. דאָרט איז שוין געווען אן אייגענער טאָן, א בעזונדערע הארציגע מעלאָדיע. „אסתר'קע“ איז געפעלען. אָבער עפּעס איז זי אויך געבליבען אומבעקאַנט דעם גרויסען עולם.

היינטיגען זומער איז ארויסגעגאַנגען א גאַנצער נייער באַנד אימבער'ס ליעדער: „רויזענבלעטער“, — שוין א גרויסער באַנד מיט אריבער צוויי הונדערט ליעדער. מען וואָלט דאָס געקענט האַלטען פאַר א שלעכטען געשמאַק — דעם נאָמען „רויזענבלעטער“. איז דאָס דען ניט אביסעלע באַנאַל, אביסעלע סענטימענטאַל, אביסעלע עהנליך אויף דער „פּאָעזיע“ פון א בריעפענשטעלער? איך בין זיך מודה: איך האָב אַליין אזוי גערעכענט, איידער איך האָב געלייענט דאָס בוך. אז איך האָב עס אָבער איבערגעלייענט, האָב איך אָבגעגעבען אימבער'ן דעם גערעכט: וואָס דען זאָל ער נעבאַך טהאָן, אז קיין אנדער נאָמען פּאַסט ניט צו זיינע ליעדער. ער וואָלט זיי אפשר געקענט א נאָמען געבען „פריהלינגס־טאָג“, „זונען־שטרוים“, „פויגעל־קלאַנג“, — אָבער די אלע נעמען וואָלטען אודאי ניט געווען בעסער. דער עיקר איז, וואָס אין די ליעדער איז טאַקע באמת דאָ אי רויזען, אי פריהלינג, אי זון, אי דאָס פרייע צוויטשערען פון פויגלען. אימבער איז באמת יונג — ניט קיין געמאַכטע יוגענד — און ער איז אין דעם פּרט א בן־יחיד צווישען אונזערע פּאָעטען.

„מיין ליעבסטע, דו ליליע
מיין ליעבסטע, דו רויז,
זי האָט אין מיין הארצען
צעוואַקסען זיך גרויס.
פול דערנער די רויזען,
בעריהר איך זיי קוים,
עס וויעגט זיך אויף בלעטער
פון ליליען מיין טרוים.

דער טרוים פון מיין הארצען,
א שמעטערלינג גרינג,
אומפלאַטערט מיין ליעבסטע,
איך וויין און איך זינג.
א ליליע — איהר פּנים
א רויז איז איהר הארץ,
און דערנער די ווערטער,
וואָס וועקען מיין שמערץ“.

אָט דאָס וואָלט איך געזאָגט, איז זיין גרונדטאָן, דער „אני מאמין“ פון דעם גאַנצען באַנד.

איהר וועט אפשר געפינען, אז פיעלע פון זיינע ליעדער זיינען נאַאיוו, פיעלע מאָטיוועז זיינען ניט ניי. אז איהר וועט זיך אָבער איינהערען אין זיי, וועט איהר מודה זיין, אז זיי זיינען אלע דורכגעלעבט, אלע דורכגעפיהלט, אז דער דיכטער האָט געפונען עפּעס א מין נייעם קלאַנג, עפּעס אן אייגענע מעלאָדיע, וואָס בעריהרט אייער נשמה און וועקט אין איך א מיטפיהלענדען אָבקלאַנג.

פון וואָס זינגט אימבער? נון, פערשטעהט זיך, פון ליעבע. פון וואָס דען זאָל ער זינגען? נאַטירליך דערצעהלט ער אונז אמאָל, אי

פון זיין איינזאמקייט, אי פון זיין וואַנדערער־שמערץ, אי פון זיין האַרץ, וואָס האַלט אין איין בלוטען, אי פון זיין דיכטער־עלענד. אָבער נעהמט דאָס ניט אזוי ערנסט. עס איז דאָך ניט מעהר, ווי יוגענד־שמערץ. לאָמיר בעססער הערען, וואָס דער דיכטער דערצעהלט אונז אין אַן אנדער אָרט:

„אויף יענער זייט טהיר, אויף יענער זייט וואנד
שטעהט גליק און אומגליק האַנד אין האַנד.“

ביידע רופען איהם, ביידע ווילען איהם פער־דארבען — ווער זיין נשמה, ווער זיין האַרץ. אָבער וואָס האָט ער מורא פאַר זיי?

„זיי שטעהען פון פריה, און זיי שטעהען ביז נאכט,
איך עפען די טיהר — און מיין האַרץ, עס לאַכט.

און עס לאַכט מיין זעעל, ביז עס שווינדען די צוויי —
מיין האַרץ און מיין זעעל זיינען שטאַרקער פון זיי.“

אָט אזא יונג איז ער. זיין זעעלע לאַכט. פון זיין זעעלע פונקעלט ארויס צופיעל יוגענד־פרייד, אז עמיצער זאָל איהם קענען שלעכטס טהאָן.

וויפיעל מאָל צוקריעגט ער זיך מיט זיין ליעבע. וויפיעל ביטערע ווערטער הערט זי פון איהם. אָט פאַלען זיינע פערזען שווער און ערנסט און האַרט:

„אין דיינע קליינע הענד האָב איך פערטרויט
מיין האַרץ מיט זיין געשריי און מיט זיין סוד;
מיין הערצענ'ס הויך געשריי האָסטו דערשטיקט,
מיין הערצענ'ס סוד ביי דיינע פיס היינט ליגט—
דו האָסט ארויסגעלאָזט איהם פון די הענד —
ער איז געוואָרען שווער און גליהענדיג צוברענט“...

אָט דאכט זיך איהם שוין: ער איז גאָר גע־וואָרען אַלט. ער זעהט, ווי אַלצדינג פערגעהט, ער קען שוין אפילו ניט די איצטיגע שמערצען דער־מאָנען מיט א שטילער וועהמוטיגער פרייד. ווי ווייטער גלאָקען־קלאַנג אין א בלאָהען טרוימע־רישען אבענד דערגעהען צו אונז זיינע אומעטיגע מעלאָדישע ווערטער:

„עס וויינען די בוימער
מיט פראָסטיגע טרעהרען
און שעפּטשען מחילות דער זון און דער ערד —
מחילות דער זון
פאַר איהר פאַלשקייט אום ווינטער,
מחילות דער ערד פאַר דעם זאַפּט, וואָס זי וועהרט.

דאָס שטערט אָבער ניט דעם לייט־מאָטיוו פון זיינע ליעדער. דאָס איז ווי א אומעטיגע מי־נוט ביי א קינד, ווי א זיפץ פון א גליקליכען, ביי וועמען ס'איז דורכגעלאָפען אין דער מחשבה עפּעס א טונקעלס. אין א מינוט ארום וועט ער אייך זאָגען:

„איך בין א קינד וואָס לאַכט
און האָט אין אויג א טרעהר.“

און נאָך אין א מינוט ארום וועט ער בענ־שען די זינד, פאַר וועלכע ער בעקומט גן־עדן־לוין, און וועט רופען:

„קום, דו קינד מיט פייערבליקען,
פליק מיין האַרץ, דו בלום, געשווינד —
פ א ר דעם ערשטען פויגעל־אָבשייד,
פ א ר דעם ערשטען אָסיען־ווינד.“

אָט אזוי איז ער. עס איז דאָ אין איהם א מין אינגעלשע שטיפעריי, א מין בעזונדערע קונדס'עריי פון א פרעהליכען, אויפגעלעבטען העל־אויגיגען מענשען. עס זינגט זיך.

און הפנים עס איז דאָ דאָ טאַלאַנט, אויב אָט דאָס זינגען גיט זיך איבער אונז. לעזער, אויב מיר ווערען אויך אָנגעשטעקט פון דער לעבעדי־גער, העל־אומרוהיגער שטימונג. איהר פיהלט עפּעס ווי א ווינד ביי זונען־שיין, ווען אויפ'ן בלאָהען הימעל טראָגען זיך ווייסע וואָלקענס, און צווייגען בויגען זיך, וויעגען זיך און גלאַנצען אין דער אָבגעוואַשענער לופט.

פויגעל, פויגעל אין דער לופטען—פאַלש איז אייער גרוים...
דאָך איך ליעב אייך, איהר שלוחים פריי און פאַלש און זיס!
זעהט פאַר אייער זיסער פאַלשקייט פאַל איך אויף די קניעס!

חסרונות, אז מען וואָלט וועלען, וואָלט מען געקענט אין דעם בוך געפינען א סך. מ'וואָלט געקענט אָנווייזען, אז ס'איז דאָ צופיעל דייטשי־שע ווערטער און אויסדריקען (דער פּאָעט איז א גאַליציאַנער — איינער פון די וועניגע, וואָס גאַ־ליציען האָט געגעבען), מ'וואָלט געקענט אויסזע־צען א סך ניט־געלונגענע ריימען, א סך ווערטער, וואָס חזר'ן זיך איבער און שטערען די מעלאָדיש־קייט פון די ליעדער. מ'וואָלט געקענט געפינען עט־ליכע גאָר ניט געראָטענע זאכען. נור לאָמיר דאָס לאָזען פאַר אנדערע. אונז איז דער עיקר, וואָס עס וואַקסט א נייער פּאָעט ביי אידען (אויב ער ליעגט ניט איצט ערגעץ וואו אין די „טרענטשעס“ ארום פּשעמישל) און אז דער פּאָעט טראָגט אריין עפּעס נייעס אין דעם אידישען ליטעראַרישען וועלטעל. סוף כל סוף זיינען די „רויזענבלעטער“ נאָך דער־ווייל אויך ניט מעהר ווי א פּראָבע — אָבער א גוטע פּראָבע, א גוטע התחלה. איהר געפינט דאָרט אי נייע אומגעריכטע ריימען („בן־מלך — פּאַמעליך“, „בענייען — געבייען“, „בלויז — שוים“ און אז. וו.), אין א פּראָבע צו געברויכען אין איין ליעד ניט צוויי, נור עטליכע גלייכע ריימען („געשפּיעגעלט — בעזיעגעלט — פער־ריגעלט“, „פריידען — ליידען — גן־עדן“ און אז. וו.), אי איבערהויפּט פערשיעדענע פערז־מאָסען און געראָטענע אסאָנאַנסען. אימבער איז א מענש, וואָס האָט ליעב די שפּראַך און בע־האַנדעלט זי ווי א טייערען אינסטרומענט, אויף וועלכען מען דאַרף נור קענען שפּיעלען, ווי א קינסטלער.

און אָט דאָס איז דאָך אזא זעלטענקייט ביי אונזערע אידישע שרייבער.

DOES NOT
CIRCULATE

493888